# נביאים
# אחרונים
# כתובים

ISBN: 0-657-00110-4
Old Call#:1191, Vol. 2

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00110

# TORAH, NEVIIM, U-KHETUVIM
# V. 2

*Permanent preservation of this book was made possible by Amy S, Matt, Ava, Kate, Mia Boxer, Irma, Cindy, Jack, Margarita, Alexa, Gabriella, Ethan Schonhaut
In memory of Charles Irving Schonhaut.
A life rich in wisdom, humor, love of family, life and learning, hard work, kindness, compassion, generosity, loyalty and love.*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# תורה
# נביאים
# וכתובים

עם ייִדיש
תרגום פון
## יהואש

שנת: תש"א: לפ"ק
נו־יורק ניו־יאָרק

הוצאת
יהואש פאַרלאַג געזעלשאַפט

מארגען זשורנאל אויסגאבע

Copyright, 1941 by
Yehoash Farlag Gezelshaft
in the United States

Copyright in Great Britain, Canada and in all countries which are members of the International Copyright Union and which are signatory to the Copyright Conventions of Montevideo, Mexico, Rio de Janeiro, Buenos Aires and Habana.

All rights to the Yiddish and Hebrew Texts, individually and jointly, reserved, including the rights to the introductions, the unique arrangement of the accent- and vowel-points in the Hebrew text, the footnotes and supplementary notes thereto appertaining. No part of this book may be reprinted or reproduced in any form without permission in writing from the publisher, except by reviewers, who may quote brief passages in reviews to be printed in magazines and newspapers.

Printed in U.S.A.

Jewish Journal Edition

88

מדויק היטב
על פי המסורה
ועל פי דפוסים ראשונים
עם הערות
על ידי

דער
העברעאישער טעקסט
איבערגעקוקט
און די הערות
צוגעגעבן פון

# הרב ר׳ חיים מרדכי הכהן ברנר

התרגום הוגה
על ידי
חתן המתרגם
ואשתו בת המתרגם

יידישער טעקסט
איבערגעקוקט
און קארעקטור געליינט
פון

## אברהם דוב־בער דווארקין
## חוה יהואש־דווארקין

זעצעריי: דזשואיש פּאָבליקעישאָן סאָסאַיעטי אָוו אַמעריקע, פילאַדעלפיע. הויפּט זעצער: דוד סקאַראַטאָן
פּלאַטן—וועסטקאַט־טאַמסאָן, פילאַדעלפיע. דרוקעריי: א. כהן, קליוולאַנד
שער־בלאַט געצייכנט פון פּרץ קאַמינסקי טאָהל געצייכנט פון שלמה וויטקעוויטץ

# יְשַׁעְיָה

א חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ בֶן־אָמוֹץ אֲשֶׁר חָזָה עַל־יְהוּדָה וִירוּשָׁלָםִ
בִּימֵי עֻזִּיָּהוּ יוֹתָם אָחָז יְחִזְקִיָּהוּ מַלְכֵי יְהוּדָה׃ ב שִׁמְעוּ שָׁמַיִם
וְהַאֲזִינִי אֶרֶץ כִּי יְהוָה דִּבֵּר בָּנִים גִּדַּלְתִּי וְרוֹמַמְתִּי וְהֵם
ג פָּשְׁעוּ בִי׃ יָדַע שׁוֹר קֹנֵהוּ וַחֲמוֹר אֵבוּס בְּעָלָיו יִשְׂרָאֵל
ד לֹא יָדַע עַמִּי לֹא הִתְבּוֹנָן׃ הוֹי ׀ גּוֹי חֹטֵא עַם כֶּבֶד עָוֺן
זֶרַע מְרֵעִים בָּנִים מַשְׁחִיתִים עָזְבוּ אֶת־יְהוָה נִאֲצוּ אֶת־
ה קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל נָזֹרוּ אָחוֹר׃ עַל מֶה תֻכּוּ עוֹד תּוֹסִיפוּ סָרָה
ו כָּל־רֹאשׁ לָחֳלִי וְכָל־לֵבָב דַּוָּי׃ מִכַּף־רֶגֶל וְעַד־רֹאשׁ
אֵין־בּוֹ מְתֹם פֶּצַע וְחַבּוּרָה וּמַכָּה טְרִיָּה לֹא־זֹרוּ וְלֹא
ז חֻבָּשׁוּ וְלֹא רֻכְּכָה בַּשָּׁמֶן׃ אַרְצְכֶם שְׁמָמָה עָרֵיכֶם שְׂרֻפוֹת
אֵשׁ אַדְמַתְכֶם לְנֶגְדְּכֶם זָרִים אֹכְלִים אֹתָהּ וּשְׁמָמָה
ח כְּמַהְפֵּכַת זָרִים׃ וְנוֹתְרָה בַת־צִיּוֹן כְּסֻכָּה בְכָרֶם כִּמְלוּנָה
ט בְמִקְשָׁה כְּעִיר נְצוּרָה׃ לוּלֵי יְהוָה צְבָאוֹת הוֹתִיר לָנוּ
י שָׂרִיד כִּמְעָט כִּסְדֹם הָיִינוּ לַעֲמֹרָה דָּמִינוּ׃ שִׁמְעוּ
דְבַר־יְהוָה קְצִינֵי סְדֹם הַאֲזִינוּ תּוֹרַת אֱלֹהֵינוּ עַם עֲמֹרָה׃
יא לָמָּה לִּי רֹב־זִבְחֵיכֶם יֹאמַר יְהוָה שָׂבַעְתִּי עֹלוֹת אֵילִים
וְחֵלֶב מְרִיאִים וְדַם פָּרִים וּכְבָשִׂים וְעַתּוּדִים לֹא חָפָצְתִּי׃
יב כִּי תָבֹאוּ לֵרָאוֹת פָּנָי מִי־בִקֵּשׁ זֹאת מִיֶּדְכֶם רְמֹס חֲצֵרָי׃
יג לֹא תוֹסִיפוּ הָבִיא מִנְחַת־שָׁוְא קְטֹרֶת תּוֹעֵבָה הִיא לִי
יד חֹדֶשׁ וְשַׁבָּת קְרֹא מִקְרָא לֹא־אוּכַל אָוֶן וַעֲצָרָה׃ חָדְשֵׁיכֶם

א׳ הפטרת אלה הדברים

א 1 די זעאונג פון ישַעְיָהו דעם זון פון אָמוצן, וואָס ער
האָט געזען אויף יהודה און ירושָלַיִם, אין די טעג
פון עוזִיָהו, יותָם, אָחָז, יחִזקִיָהו, די מלכים פון יהודה.

2 הערט איר הימלען, און פאַרנעם דו ערד,
וואָרום גאָט האָט גערעדט:
קינדער האָב איך דערצויגן און אויפגעבראַכט,
און זיי האָבן געבראָכן אָן מיר.
3 אַן אָקס ווייס זיין באַלעבאָס,
און אַן אייזל די קאָריטע פון זיין האַר;
ישׂראל ווייס ניט,
מיין פאָלק קוקט זיך ניט אום.

4 וויי, זינדיקע אומה,
פאָלק מיט פאַרברעכן באַשווערט,
זאָמען פון שלעכטסטוער,
קינדער פאַרדאָרבענע!
פאַרלאָזט האָבן זיי גאָט,
געלעסטערט דעם הייליקן פון ישׂראל,
אַהינטער זיך אָפגעקערט.
5 ווו נאָך ווילט איר געשלאָגן ווערן,
וואָס איר קערט אַייך נאָך מער אָפּ?
דער גאַנצער קאָפּ איז קראַנק,
און דאָס גאַנצע האַרץ איז אין ווייטאָק;
6 פון פוסטריט ביזן קאָפּ
איז אין אים קיין גאַנץ גליד ניטאָ,
נאָר אַ ריס און אַ בייל און אַן אַייטעריק ווּנד;
. ניט אויסגעדריקט זייגען זיי געוואָרן,
און ניט פאַרבונדן, און ניט מיט אייל דערווייכט.
7 אַייער לאַנד איז אַ וויסטעניש,
אַייערע שטעט זיינען אין פייער פאַרברענט;
אַייער ערד–פרעמדע פאַרצערן זי אַייך אַנטקעגן,
און וויסט איז זי ווי דער איבערקער פון אַ פליצונג.

8 און געבליבן איז טאָכטער צִיון,
ווי אַ ביידְל אין אַ וויינגאָרטן,
ווי אַ נאַכטלעג אין אַ פלוצערפעלד,
ווי אַ וואַכבוד פון ריטלעך.
9 ווען ניט גאָט פון צבָאות
וואָלט אונדז אַ קליין איבערבלייב געלאָזט,
וואָלטן מיר ווי סדום געוואָרן,
צו עַמוֹרָה וואָלטן מיר געווען געגליכן.

10 הערט דאָס וואָרט פון יהוה,
איר פירער פון סדום;
פאַרנעמט די לער פון אונדזער גאָט,
איר פאָלק פון עַמוֹרָה.
11 צוואָס מיר אַייערע פיל שלאַכטאָפּפער?
זאָגט גאָט,
איך בין זאַט מיט בראַנדאָפּפער פון ווידערס,
און מיט פעטס פון געשטאָפּטע;
און בלוט פון אָקסן און שעפּסן און בעק
וויל איך ניט האָבן.
12 אַז איר קומט זיך ווייזן פאַר מיר,
ווער בעט דאָס פון אַייך מיינע הויפן צו טרעטן?
13 ניט ברענגט מער קרבנות אומזיסט,
אַן אומווערדיקע דעמפונג איז דאָס מיר;
ראש־חודש און שבת, רופן אַ צונויפרופונג–
אומרעכט מיט אַיינזאַמלונג קען איך ניט ליידן;

וּמוֹעֲדֵיכֶם שָׂנְאָה נַפְשִׁי הָיוּ עָלַי לָטֹרַח נִלְאֵיתִי נְשֹׂא׃
טו וּבְפָרִשְׂכֶם כַּפֵּיכֶם אַעְלִים עֵינַי מִכֶּם גַּם כִּי־תַרְבּוּ תְפִלָּה
טז אֵינֶנִּי שֹׁמֵעַ יְדֵיכֶם דָּמִים מָלֵאוּ׃ רַחֲצוּ הִזַּכּוּ הָסִירוּ רֹעַ
יז מַעַלְלֵיכֶם מִנֶּגֶד עֵינָי חִדְלוּ הָרֵעַ׃ לִמְדוּ הֵיטֵב דִּרְשׁוּ
מִשְׁפָּט אַשְּׁרוּ חָמוֹץ שִׁפְטוּ יָתוֹם רִיבוּ אַלְמָנָה׃
יח לְכוּ־נָא וְנִוָּכְחָה יֹאמַר יְהוָה אִם־יִהְיוּ חֲטָאֵיכֶם כַּשָּׁנִים
יט כַּשֶּׁלֶג יַלְבִּינוּ אִם־יַאְדִּימוּ כַתּוֹלָע כַּצֶּמֶר יִהְיוּ׃ אִם־תֹּאבוּ
כ וּשְׁמַעְתֶּם טוּב הָאָרֶץ תֹּאכֵלוּ׃ וְאִם־תְּמָאֲנוּ וּמְרִיתֶם
כא חֶרֶב תְּאֻכְּלוּ כִּי פִּי יְהוָה דִּבֵּר׃ אֵיכָה הָיְתָה
לְזוֹנָה קִרְיָה נֶאֱמָנָה מְלֵאֲתִי מִשְׁפָּט צֶדֶק יָלִין בָּהּ וְעַתָּה
כב מְרַצְּחִים׃ כַּסְפֵּךְ הָיָה לְסִיגִים סָבְאֵךְ מָהוּל בַּמָּיִם׃
כג שָׂרַיִךְ סוֹרְרִים וְחַבְרֵי גַּנָּבִים כֻּלּוֹ אֹהֵב שֹׁחַד וְרֹדֵף
שַׁלְמֹנִים יָתוֹם לֹא יִשְׁפֹּטוּ וְרִיב אַלְמָנָה לֹא־יָבוֹא אֲלֵיהֶם׃
כד לָכֵן נְאֻם הָאָדוֹן יְהוָה צְבָאוֹת אֲבִיר יִשְׂרָאֵל הוֹי אֶנָּחֵם
כה מִצָּרַי וְאִנָּקְמָה מֵאוֹיְבָי׃ וְאָשִׁיבָה יָדִי עָלַיִךְ וְאֶצְרֹף כַּבֹּר
כו סִיגָיִךְ וְאָסִירָה כָּל־בְּדִילָיִךְ׃ וְאָשִׁיבָה שֹׁפְטַיִךְ כְּבָרִאשֹׁנָה
וְיֹעֲצַיִךְ כְּבַתְּחִלָּה אַחֲרֵי־כֵן יִקָּרֵא לָךְ עִיר הַצֶּדֶק קִרְיָה
כז כח נֶאֱמָנָה׃ צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה וְשָׁבֶיהָ בִּצְדָקָה׃ וְשֶׁבֶר
כט פֹּשְׁעִים וְחַטָּאִים יַחְדָּו וְעֹזְבֵי יְהוָה יִכְלוּ׃ כִּי יֵבֹשׁוּ
מֵאֵילִים אֲשֶׁר חֲמַדְתֶּם וְתַחְפְּרוּ מֵהַגַּנּוֹת אֲשֶׁר בְּחַרְתֶּם׃
ל כִּי תִהְיוּ כְּאֵלָה נֹבֶלֶת עָלֶהָ וּכְגַנָּה אֲשֶׁר־מַיִם אֵין לָהּ׃
לא וְהָיָה הֶחָסֹן לִנְעֹרֶת וּפֹעֲלוֹ לְנִיצוֹץ וּבָעֲרוּ שְׁנֵיהֶם יַחְדָּו
וְאֵין מְכַבֶּה׃

ב

א הַדָּבָר אֲשֶׁר חָזָה יְשַׁעְיָהוּ בֶּן־אָמוֹץ עַל־יְהוּדָה וִירוּשָׁלָםִ׃
ב וְהָיָה ׀ בְּאַחֲרִית הַיָּמִים נָכוֹן יִהְיֶה הַר בֵּית־יְהוָה בְּרֹאשׁ
ג הֶהָרִים וְנִשָּׂא מִגְּבָעוֹת וְנָהֲרוּ אֵלָיו כָּל־הַגּוֹיִם׃ וְהָלְכוּ

נח' עד כאן

14 אײַערע ראש־חודשן און אײַערע יום־טובים
האָט פײַנט מײַן זעל;
זיי זײַנען מיר צו לאַסט געוואָרן,
איך קען זיי ניט פאַרטראָגן.
15 און אַז איר שפּרייט אויס אײַערע הענט,
וועל איך פאַרהוילן מײַנע אויגן פון אײַך;
און פיל איר זאָלט ניט תּפילה טאָן,
הער איך ניט צו;
אײַערע הענט זײַנען פול מיט בלוט.
16 וואַשט אײַך, רייניקט אײַך,
טוט אָפּ אײַערע שלעכטע מעשׂים
פון קעגן מײַנע אויגן,
הערט אויף שלעכטס טאָן;
17 לערנט גוטס טאָן,
זוכט גערעכטיקייט,
שטאַרקט דעם געדריקטן,
טוט רעכט דעם יתום,
נעמט זיך אָן פאַר דער אַלמנה.

18 קומט נאָר, און לאָמיר זיך דורכרעדן,
זאָגט גאָט:
אויב אײַערע זינד וועלן ווי קאַרמין זײַן,
וועלן זיי ווײַס ווי שניי ווערן;
אויב זיי וועלן רויט זײַן ווי ווערמילפאַרב,
וועלן זיי ווי וואָל ווערן.
19 אויב איר וועט וועלן און וועט צוהערן,
וועט איר עסן דאָס גוטס פונעם לאַנד;
20 אָבער אַז איר וועט ניט וועלן, און וועט ווידערשפּעניקן,
וועט איר פון דער שווערד געגעסן ווערן;
וואָרום דאָס מויל פון גאָט האָט גערעדט.

21 ווי איז אַ זונה געוואָרן
די געטרײַע שטאָט!
געווען פול מיט גערעכטיקייט,
רעכטפאַרטיקייט פלעגט רוען אין איר,
און אַצונדערטאָ—מערדערס.
22 דײַן זילבער איז פּסולת געוואָרן,
דײַן טראַנק איז מיט וואַסער געמישט.
23 דײַנע האַרן זײַנען אָפּקערער'ס[א],
און חברים פון גנבים;
איטלעכער האָט ליב שוחד,
און יאָגט זיך נאָך געצאָלט;
דעם יתום טוען זיי ניט קיין רעכט,
און דער שטרײַט פון דער אַלמנה גייט זיי ניט אָן.

24 דרום זאָגט דער האַר, גאָט פון צבָאוֹת,
דער מאַכטיקער פון ישׂראל:
אָ, איך וועל זיך שטילן אָן מײַנע פײַנט,
און זיך נוקם זײַן אָן מײַנע שׂונאים.
25 און איך וועל קערן מײַן האַנט אויף דיר,
און לײַטערן ווי מיט לויג דײַנע פּסולת,
און אָפּטאָן אַלע דײַנע בלײַען.
26 און איך וועל אומקערן דײַנע ריכטער ווי צוערשט,
און דײַנע יועצים ווי אין אָנהייב;
דערנאָך וועט מען דיך רופן
דער כּרך פון גערעכטיקייט,
די געטרײַע שטאָט.
27 ציון וועט דורך גערעכטיקייט דערלייזט ווערן,
און אירע צוריקגעקערטע דורך רעכטפאַרטיקייט.
28 און אַ בראָך אויף די פאַרברעכער און זינדיקע אין אײנעם;
און די וואָס פאַרלאָזן גאָט, וועלן פאַרלענדט ווערן.

29 וואָרום מע וועט צו שאַנד ווערן
פון די אײכנבײמער וואָס איר האָט געגלוסט,
און איר וועט זיך שעמען
מיט די גערטנער וואָס איר האָט אויסדערוויילט.
30 וואָרום איר וועט זײַן ווי אַ טערעבינט
וואָס זײַן בלאַט ווערט פאַרוועלקט,
און ווי אַ גאָרטן
וואָס האָט ניט קיין וואַסער.
31 און דער שטאַרקער וועט ווערן ווי פלאַקסשטרוי,
און זײַן ווערק ווי אַ פונק,
און ביידע אין אײנעם וועלן ברענען,
און קיין לעשער וועט ניט זײַן.

ב 1 דאָס וואָרט וואָס ישַעיָהו דער זון פון אָמוֹצן האָט געזען אויף יהודה און ירושָלַיִם.
2 און עס וועט זײַן אין סוֹף פון די טעג,
וועט שטיין פעסט דער באַרג פון גאָטס הויז
אויבן אָן פון די בערג,
און דערהויבן איבער די הייכן;
און אַלע פעלקער וועלן צו אים שטראָמען.

[א] וואָרטשפּיל: שָׂרַיִךְ סוֹרְרִים.

עַמִּים רַבִּים וְאָמְרוּ לְכוּ ׀ וְנַעֲלֶה אֶל־הַר־יְהוָה אֶל־בֵּית
אֱלֹהֵי יַעֲקֹב וְיֹרֵנוּ מִדְּרָכָיו וְנֵלְכָה בְּאֹרְחֹתָיו כִּי מִצִּיּוֹן
ד תֵּצֵא תוֹרָה וּדְבַר־יְהוָה מִירוּשָׁלִָם׃ וְשָׁפַט בֵּין הַגּוֹיִם
וְהוֹכִיחַ לְעַמִּים רַבִּים וְכִתְּתוּ חַרְבוֹתָם לְאִתִּים וַחֲנִיתוֹתֵיהֶם
לְמַזְמֵרוֹת לֹא־יִשָּׂא גוֹי אֶל־גּוֹי חֶרֶב וְלֹא־יִלְמְדוּ עוֹד
ה ו מִלְחָמָה׃ בֵּית יַעֲקֹב לְכוּ וְנֵלְכָה בְּאוֹר יְהוָה׃ כִּי
נָטַשְׁתָּה עַמְּךָ בֵּית יַעֲקֹב כִּי מָלְאוּ מִקֶּדֶם וְעֹנְנִים כַּפְּלִשְׁתִּים
ז וּבְיַלְדֵי נָכְרִים יַשְׂפִּיקוּ׃ וַתִּמָּלֵא אַרְצוֹ כֶּסֶף וְזָהָב וְאֵין
קֵצֶה לְאֹצְרֹתָיו וַתִּמָּלֵא אַרְצוֹ סוּסִים וְאֵין קֵצֶה לְמַרְכְּבֹתָיו׃
ח וַתִּמָּלֵא אַרְצוֹ אֱלִילִים לְמַעֲשֵׂה יָדָיו יִשְׁתַּחֲווּ לַאֲשֶׁר עָשׂוּ
ט אֶצְבְּעֹתָיו׃ וַיִּשַּׁח אָדָם וַיִּשְׁפַּל־אִישׁ וְאַל־תִּשָּׂא לָהֶם׃
י בּוֹא בַצּוּר וְהִטָּמֵן בֶּעָפָר מִפְּנֵי פַּחַד יְהוָה וּמֵהֲדַר גְּאֹנוֹ׃
יא עֵינֵי גַּבְהוּת אָדָם שָׁפֵל וְשַׁח רוּם אֲנָשִׁים וְנִשְׂגַּב יְהוָה
יב לְבַדּוֹ בַּיּוֹם הַהוּא׃ כִּי יוֹם לַיהוָה צְבָאוֹת עַל כָּל־
יג גֵּאֶה וָרָם וְעַל כָּל־נִשָּׂא וְשָׁפֵל׃ וְעַל כָּל־אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן
יד הָרָמִים וְהַנִּשָּׂאִים וְעַל כָּל־אַלּוֹנֵי הַבָּשָׁן׃ וְעַל כָּל־הֶהָרִים
טו הָרָמִים וְעַל כָּל־הַגְּבָעוֹת הַנִּשָּׂאוֹת׃ וְעַל כָּל־מִגְדָּל גָּבֹהַּ
טז וְעַל כָּל־חוֹמָה בְצוּרָה׃ וְעַל כָּל־אֳנִיּוֹת תַּרְשִׁישׁ וְעַל כָּל־
יז שְׂכִיּוֹת הַחֶמְדָּה׃ וְשַׁח גַּבְהוּת הָאָדָם וְשָׁפֵל רוּם אֲנָשִׁים
יח וְנִשְׂגַּב יְהוָה לְבַדּוֹ בַּיּוֹם הַהוּא׃ וְהָאֱלִילִים כָּלִיל יַחֲלֹף׃
יט וּבָאוּ בִּמְעָרוֹת צֻרִים וּבִמְחִלּוֹת עָפָר מִפְּנֵי פַּחַד יְהוָה
כ וּמֵהֲדַר גְּאוֹנוֹ בְּקוּמוֹ לַעֲרֹץ הָאָרֶץ׃ בַּיּוֹם הַהוּא יַשְׁלִיךְ
הָאָדָם אֵת אֱלִילֵי כַסְפּוֹ וְאֵת אֱלִילֵי זְהָבוֹ אֲשֶׁר עָשׂוּ־לוֹ
כא לְהִשְׁתַּחֲוֹת לַחְפֹּר פֵּרוֹת וְלָעֲטַלֵּפִים׃ לָבוֹא בְּנִקְרוֹת
הַצֻּרִים וּבִסְעִפֵי הַסְּלָעִים מִפְּנֵי פַּחַד יְהוָה וּמֵהֲדַר גְּאוֹנוֹ
כב בְּקוּמוֹ לַעֲרֹץ הָאָרֶץ׃ חִדְלוּ לָכֶם מִן־הָאָדָם אֲשֶׁר נְשָׁמָה
בְּאַפּוֹ כִּי־בַמֶּה נֶחְשָׁב הוּא׃

3 און פיל אומות וועלן גיין און וועלן זאָגן:
קומט, און לאָמיר אַרויפגיין צום באַרג פון יהוה,
צום הויז פון דעם גאָט פון יעקב;
און ער וועט אונדז לערנען פון זיינע וועגן,
און מיר וועלן גיין אין זיינע שטעגן;
וואָרום פון ציון וועט אַרויסגיין אַ תּורה,
און גאָטס וואָרט פון ירושלים.
4 און ער וועט משפטן צווישן די פעלקער,
און אַנטשיידן איבער פיל אומות;
און זיי וועלן שמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראײַזנס,
און זייערע שפיזן אויף צווייגמעסערס;
אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט הייבן אַ שווערד,
און מע וועט ניט מער לערנען מלחמה.

5 הויז פון יעקב, קומט, און לאָמיר גיין
אין דעם ליכט פון גאָט.
6 וואָרום האָסט פאַרלאָזט דיין פאָלק, דאָס הויז פון יעקב,
ווייל זיי זיינען פול מיט [כישוף פון] מזרח,
און מיט וואָרזאָגער אַזוי ווי די פלשתּים,
און מיט פרעמדגעבאָרענע זאַכן גיבן זיי זיך אָפּ.
7 און אָנגעפילט געוואָרן איז זיין לאַנד מיט זילבער און
גאָלד,
און ניטאָ קיין שיעור צו זיינע אוצרות;
און אָנגעפילט געוואָרן איז זיין לאַנד מיט פערד,
און ניטאָ קיין שיעור צו זיינע רייטוועגן.
8 און אָנגעפילט געוואָרן איז זיין לאַנד מיט אָפּגעטער;
צום ווערק פון זייערע הענט טוען זיי זיך בוקן,
צו וואָס זייערע פינגער האָבן געמאַכט.
9 און געבויגן איז דער מענטש,
און נידעריק איז דער מאַן,
און דו קענסט זיי ניט פאַרגעבן.

10 גיי אַריין אין פעלז,
און באַהאַלט זיך אין שטויב,
פאַר דער פאָרכטיקייט פון גאָט,
און פאַר דער פּראַכט פון זיין גרויסקייט.
11 די האָפעדריקע אויגן פון מענטשן ווערן דערנידערט,
און די הויכקייט פון לייט וועט געבויגן ווערן,
און גאָט אַליין וועט זיין דערהויבן אין יענעם טאָג.

12 וואָרום אַ טאָג איז דאָ ביי גאָט פון צבאות,
אויף אַלעם שטאָלצן און הויכן,
און אויף אַלעם דערהויבענעם,
עס זאָל דערנידערט ווערן;
13 און אויף אַלע צעדערן פון לבנון,
די הויכע און דערהויבענע,
און אויף אַלע אייכנביימער פון בשן;
14 און אויף אַלע הויכע בערג,
און אויף אַלע דערהויבענע הייכן;
15 און אויף יעטוועדער הויכן טורעם,
און אויף יעטוועדער באַפעסטיקטער מויער;
16 און אויף אַלע שיפן פון תּרשיש,
און אויף אַלע גלוסטיקע געמעלן.
17 און די האָפעדריקייט פון מענטשן וועט געבויגן ווערן,
און די הויכקייט פון לייט וועט דערנידערט ווערן,
און גאָט אַליין וועט זיין דערהויבן אין יענעם טאָג.
18 און די אָפּגעטער וועלן אין גאַנצן פאַרגיין.
19 און מע וועט אַריינגיין אין היילן פון פעלזן,
און אין לעכער פון דער ערד,
פאַר דער פאָרכטיקייט פון גאָט,
און פאַר דער פּראַכט פון זיין גרויסקייט,
ווען ער שטייט אויף די ערד אויפצוטרייסלען.

20 אין יענעם טאָג וועט אַוועקוואַרפן דער מענטש
זיינע אָפּגעטער פון זילבער, און זיינע אָפּגעטער פון גאָלד,
וואָס זיי האָבן זיך געמאַכט, זיך צו בוקן,
פאַר די קראָטן און פאַר די פלעדערמייזן;
21 כדי אַריינצוגיין אין לעכער פון פעלזן,
און אין שפּאַלטן פון שטיינער,
פאַר דער פאָרכטיקייט פון גאָט,
און פאַר דער פּראַכט פון זיין גרויסקייט,
ווען ער שטייט אויף די ערד אויפצוטרייסלען.

22 פאַרמיידט אײַך פונעם מענטשן וואָס אַ הויך איז אין זיין
נאָז,
וואָרום וואָס איז ער גערעכנט?

ג ¹ וואָרום זע, דער האַר, גאָט פון צבָאוֹת,
טוט אָפּ פון ירושָלַיִם און פון יהודה
אַן אונטערלען און אַן אָנלען;
יעטוועדער אונטערלען פון ברויט,
און יעטוועדער אונטערלען פון וואַסער.
² דעם גיבור און דעם מאַן פון מלחמה,
דעם ריכטער און דעם נביא,
און דעם וואָרזאָגער און דעם עלטסטן;
³ דעם הויפּטמאַן פון פופציק, אן דעם אָנגעזעענעם
און דעם בעל־יועץ, און דעם קלוגן צויבערער,
און דעם שפּרוכקענער.
⁴ און איך וועל מאַכן יינגלעך פאַר זייערע האַרן,
און קינדער וועלן געוועלטיקן איבער זיי.
⁵ און דאָס פאָלק וועט זיך דריקן, איינער דעם אַנדערן,
און איטלעכער זיין חבר;
אַ יינגל וועט זיך גרייסן קעגן זקן,
און דער נִבזה קעגן נִכבד.
⁶ אַז עמיצער וועט אָנכאַפּן
זיין ברודער פון זיין פאָטערס הויז:
אַ בגד האָסטו, אַ פירער זאָלסטו אונדז זיין,
און דידאָזיקע שטרויכלעניש זאָל זיין אונטער דיין האַנט,
⁷ וועט ער שווערן אין יענעם טאָג, אַזוי צו זאָגן:
איך וועל ניט זיין קיין היילער,
אַז אין מיין הויז איז ניטאָ קיין ברויט און קיין בגד;
איר וועט מיך ניט מאַכן פאַרן פירער פון פאָלק.
⁸ וואָרום געשטרויכלט איז ירושָלַיִם,
און יהודה איז געפאַלן;
ווייל זייער צונג און זייערע מעשׂים זיינען קעגן גאָט,
צו ווידערשפּעניקן די אויגן פון זיין כבוד.

⁹ דער אָנבליק פון זייער פּנים זאָגט עדות אויף זיי;
און זייער זינד זאָגן זיי אויס ווי סדום, זיי פאַרלייקענען
ניט.
ווי צו זייער זעל,
וואָס זיי האָבן זיך אַליין בייז געטאָן.
¹⁰ זאָגט דעם גערעכטן אַז [אים] וועט זיין גוט,
ווייל די פרוכט פון זייערע מעשׂים וועלן זיי עסן.
¹¹ ווי צו דעם רשע, [אים] וועט זיין שלעכט,
וואָרום די טואונג פון זיינע הענט וועט אים געשען.
¹² מיין פאָלק—זיינע באַצווינגער זיינען קינדער,
און ווייבער געוועלטיקן איבער אים.
מיין פאָלק! דיינע פירער זיינען פאַרפירער,
און דעם וועג פון דיינע שטעגן האָבן זיי צעמישט.
¹³ גאָט שטייט אויף זיך צו קריגן,
און ער שטעלט זיך צו משפּטן די פעלקער.
¹⁴ גאָט וועט גיין אין אַ משפּט
מיט די עלטסטע פון זיין פאָלק און זיינע האַרן:
דאָס האָט איר אָפּגעגעסן דעם וויינגאָרטן,
די גזלה פון אָרימאַן איז אין אייערע הייזער.

ג

א כִּי֩ הִנֵּ֨ה הָאָד֜וֹן יְהוָ֣ה צְבָא֗וֹת מֵסִ֤יר מִירֽוּשָׁלִַ֙ם֙ וּמִ֣יהוּדָ֔ה
ב מַשְׁעֵ֖ן וּמַשְׁעֵנָ֑ה כֹּ֚ל מִשְׁעַן־לֶ֔חֶם וְכֹ֖ל מִשְׁעַן־מָֽיִם׃ גִּבּ֖וֹר
ג וְאִ֣ישׁ מִלְחָמָ֑ה שׁוֹפֵ֥ט וְנָבִ֖יא וְקֹסֵ֥ם וְזָקֵֽן׃ שַׂר־חֲמִשִּׁ֖ים
ד וּנְשׂ֣וּא פָנִ֑ים וְיוֹעֵ֛ץ וַחֲכַ֥ם חֲרָשִׁ֖ים וּנְב֥וֹן לָֽחַשׁ׃ וְנָתַתִּ֥י
ה נְעָרִ֖ים שָׂרֵיהֶ֑ם וְתַעֲלוּלִ֖ים יִמְשְׁלוּ־בָֽם׃ וְנִגַּ֤שׂ הָעָם֙ אִ֣ישׁ
בְּאִ֔ישׁ וְאִ֖ישׁ בְּרֵעֵ֑הוּ יִרְהֲב֗וּ הַנַּ֙עַר֙ בַּזָּקֵ֔ן וְהַנִּקְלֶ֖ה בַּנִּכְבָּֽד׃
ו כִּֽי־יִתְפֹּ֨שׂ אִ֤ישׁ בְּאָחִיו֙ בֵּ֣ית אָבִ֔יו שִׂמְלָ֣ה לְכָ֔ה קָצִ֖ין
ז תִּֽהְיֶה־לָּ֑נוּ וְהַמַּכְשֵׁלָ֥ה הַזֹּ֖את תַּ֥חַת יָדֶֽךָ׃ יִשָּׂ֨א בַיּ֤וֹם
הַהוּא֙ ׀ לֵאמֹ֔ר לֹא־אֶהְיֶ֣ה חֹבֵ֔שׁ וּבְבֵיתִ֕י אֵ֥ין לֶ֖חֶם וְאֵ֣ין
ח שִׂמְלָ֑ה לֹ֥א תְשִׂימֻ֖נִי קְצִ֥ין עָֽם׃ כִּ֤י כָֽשְׁלָה֙ יְר֣וּשָׁלִַ֔ם וִיהוּדָ֖ה
נָפָ֑ל כִּֽי־לְשׁוֹנָ֤ם וּמַֽעַלְלֵיהֶם֙ אֶל־יְהוָ֔ה לַמְר֖וֹת עֵנֵ֥י כְבוֹדֽוֹ׃
ט הַכָּרַ֤ת פְּנֵיהֶם֙ עָ֣נְתָה בָּ֔ם וְחַטָּאתָ֛ם כִּסְדֹ֥ם הִגִּ֖ידוּ לֹ֣א
י כִחֵ֑דוּ א֣וֹי לְנַפְשָׁ֔ם כִּֽי־גָמְל֥וּ לָהֶ֖ם רָעָֽה׃ אִמְר֥וּ צַדִּ֖יק כִּי־
יא ט֑וֹב כִּֽי־פְרִ֥י מַעַלְלֵיהֶ֖ם יֹאכֵֽלוּ׃ א֖וֹי לְרָשָׁ֣ע רָ֑ע כִּֽי־גְמ֥וּל
יב יָדָ֖יו יֵעָ֥שֶׂה לּֽוֹ׃ עַמִּי֙ נֹגְשָׂ֣יו מְעוֹלֵ֔ל וְנָשִׁ֖ים מָ֣שְׁלוּ ב֑וֹ עַמִּי֙
יג מְאַשְּׁרֶ֣יךָ מַתְעִ֔ים וְדֶ֥רֶךְ אֹרְחֹתֶ֖יךָ בִּלֵּֽעוּ׃ נִצָּ֥ב לָרִ֖יב
יד יְהוָ֑ה וְעֹמֵ֖ד לָדִ֥ין עַמִּֽים׃ יְהוָה֙ בְּמִשְׁפָּ֣ט יָב֔וֹא עִם־זִקְנֵ֥י
עַמּ֖וֹ וְשָׂרָ֑יו וְאַתֶּם֙ בִּעַרְתֶּ֣ם הַכֶּ֔רֶם גְּזֵלַ֥ת הֶֽעָנִ֖י בְּבָתֵּיכֶֽם׃
טו מַלָּכֶם֙ תְּדַכְּא֣וּ עַמִּ֔י וּפְנֵ֥י עֲנִיִּ֖ים תִּטְחָ֑נוּ נְאֻם־אֲדֹנָ֥י יְהוִ֖ה
טז צְבָאֽוֹת׃ וַיֹּ֣אמֶר יְהוָ֗ה יַ֚עַן כִּ֣י גָבְהוּ֙ בְּנ֣וֹת צִיּ֔וֹן
וַתֵּלַ֙כְנָה֙ נְטוּי֣וֹת גָּר֔וֹן וּֽמְשַׂקְּר֖וֹת עֵינָ֑יִם הָל֤וֹךְ וְטָפֹף֙ תֵּלַ֔כְנָה
יז וּבְרַגְלֵיהֶ֖ם תְּעַכַּֽסְנָה׃ וְשִׂפַּ֣ח אֲדֹנָ֔י קָדְקֹ֖ד בְּנ֣וֹת צִיּ֑וֹן וַיהוָ֖ה
יח פָּתְהֵ֥ן יְעָרֶֽה׃ בַּיּ֨וֹם הַה֜וּא יָסִ֣יר אֲדֹנָ֗י אֵ֣ת תִּפְאֶ֧רֶת
יט הָעֲכָסִ֛ים וְהַשְּׁבִיסִ֖ים וְהַשַּׂהֲרֹנִֽים׃ הַנְּטִפ֥וֹת וְהַשֵּׁיר֖וֹת
כ וְהָֽרְעָלֽוֹת׃ הַפְּאֵרִ֤ים וְהַצְּעָדוֹת֙ וְהַקִּשֻּׁרִ֔ים וּבָתֵּ֥י הַנֶּ֖פֶשׁ
כא כב וְהַלְּחָשִֽׁים׃ הַטַּבָּע֖וֹת וְנִזְמֵ֥י הָאָֽף׃ הַמַּֽחֲלָצוֹת֙ וְהַמַּ֣עֲטָפ֔וֹת

ח׳ חסר י׳   טו׳ מה לכם קרי   טז׳ נטוות קרי

¹⁵ וואָס מיינט איר, וואָס איר צעדריקט מיין פאָלק,
און דעם פּנים פון די אָרימע צעמאָלט איר?
זאָגט דער האַר, גאָט פון צבָאוֹת.

¹⁶ און גאָט האָט געזאָגט:
ווייל די טעכטער פון ציון זיינען האָפערדיק,
און גייען פאַרריסן דעם האַלדז,
און ווינקענדיק מיט די אויגן;
גייען שוועבנדיק גייען זיי,
און מיט זייערע פוסרינגען קלינגען זיי;
¹⁷ דרום וועט גאָט קרעציק מאַכן
דעם קאָפּ פון די טעכטער פון ציון,
און גאָט וועט זייער שאַנד אַנטפּלעקן.

¹⁸ אין יענעם טאָג וועט גאָט אָפּטאָן די שיינקייט פון די פוסרינגען, און די שטערנבענדער, און די לבנהלעך;
¹⁹ די באָמבערלעך, און די אָרעמבענדער, און די שלייערס; ²⁰ די קאָפּטיכער, און די טריטקייטלעך, און די גאַרטלען,
און די לייבלעך, און די קמֵיעות; ²¹ די פינגערלעך, און די נאָזרינגען; ²² די פאַרטיכער, און די מאַנטלען, און די

כג וְהַמִּטְפָּחוֹת וְהָחֲרִיטִים׃ הַגִּלְיֹנִים וְהַסְּדִינִים וְהַצְּנִיפוֹת
כד וְהָרְדִידִים׃ וְהָיָה תַחַת בֹּשֶׂם מַק יִהְיֶה וְתַחַת חֲגוֹרָה
נִקְפָּה וְתַחַת מַעֲשֶׂה מִקְשֶׁה קָרְחָה וְתַחַת פְּתִיגִיל מַחֲגֹרֶת
כה שָׂק כִּי־תַחַת יֹפִי׃ מְתַיִךְ בַּחֶרֶב יִפֹּלוּ וּגְבוּרָתֵךְ בַּמִּלְחָמָה׃
כו וְאָנוּ וְאָבְלוּ פְּתָחֶיהָ וְנִקָּתָה לָאָרֶץ תֵּשֵׁב׃

ד

א וְהֶחֱזִיקוּ שֶׁבַע נָשִׁים בְּאִישׁ אֶחָד בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר
לַחְמֵנוּ נֹאכֵל וְשִׂמְלָתֵנוּ נִלְבָּשׁ רַק יִקָּרֵא שִׁמְךָ עָלֵינוּ אֱסֹף
ב חֶרְפָּתֵנוּ׃ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה צֶמַח יְהוָה לִצְבִי וּלְכָבוֹד
ג וּפְרִי הָאָרֶץ לְגָאוֹן וּלְתִפְאֶרֶת לִפְלֵיטַת יִשְׂרָאֵל׃ וְהָיָה ׀
הַנִּשְׁאָר בְּצִיּוֹן וְהַנּוֹתָר בִּירוּשָׁלַםִ קָדוֹשׁ יֵאָמֶר לוֹ כָּל־
ד הַכָּתוּב לַחַיִּים בִּירוּשָׁלָםִ׃ אִם ׀ רָחַץ אֲדֹנָי אֵת צֹאַת
בְּנוֹת־צִיּוֹן וְאֶת־דְּמֵי יְרוּשָׁלַםִ יָדִיחַ מִקִּרְבָּהּ בְּרוּחַ מִשְׁפָּט
ה וּבְרוּחַ בָּעֵר׃ וּבָרָא יְהוָה עַל כָּל־מְכוֹן הַר־צִיּוֹן וְעַל־
מִקְרָאֶהָ עָנָן ׀ יוֹמָם וְעָשָׁן וְנֹגַהּ אֵשׁ לֶהָבָה לָיְלָה כִּי עַל־
ו כָּל־כָּבוֹד חֻפָּה׃ וְסֻכָּה תִּהְיֶה לְצֵל־יוֹמָם מֵחֹרֶב וּלְמַחְסֶה
וּלְמִסְתּוֹר מִזֶּרֶם וּמִמָּטָר׃

ה

א אָשִׁירָה נָּא לִידִידִי שִׁירַת דּוֹדִי לְכַרְמוֹ כֶּרֶם הָיָה לִידִידִי
ב בְּקֶרֶן בֶּן־שָׁמֶן׃ וַיְעַזְּקֵהוּ וַיְסַקְּלֵהוּ וַיִּטָּעֵהוּ שֹׂרֵק וַיִּבֶן
מִגְדָּל בְּתוֹכוֹ וְגַם־יֶקֶב חָצֵב בּוֹ וַיְקַו לַעֲשׂוֹת עֲנָבִים וַיַּעַשׂ
ג בְּאֻשִׁים׃ וְעַתָּה יוֹשֵׁב יְרוּשָׁלַםִ וְאִישׁ יְהוּדָה שִׁפְטוּ־נָא
ד בֵּינִי וּבֵין כַּרְמִי׃ מַה־לַּעֲשׂוֹת עוֹד לְכַרְמִי וְלֹא עָשִׂיתִי בּוֹ
ה מַדּוּעַ קִוֵּיתִי לַעֲשׂוֹת עֲנָבִים וַיַּעַשׂ בְּאֻשִׁים׃ וְעַתָּה אוֹדִיעָה־
נָּא אֶתְכֶם אֵת אֲשֶׁר־אֲנִי עֹשֶׂה לְכַרְמִי הָסֵר מְשׂוּכָּתוֹ
ו וְהָיָה לְבָעֵר פָּרֹץ גְּדֵרוֹ וְהָיָה לְמִרְמָס׃ וַאֲשִׁיתֵהוּ בָתָה
לֹא יִזָּמֵר וְלֹא יֵעָדֵר וְעָלָה שָׁמִיר וָשָׁיִת וְעַל הֶעָבִים אֲצַוֶּה

ג, כג׳ ס״א והגלינים   כד׳ ס״א כִּי תַחַת   ד, ה׳ בס״א אין מלת כל
ה, ה׳ הכי מדגש

איבערדעקן, און די בייטלען; 23 די טולן, און די ליינענע טיכער, און די הויבן, און די דעקטיכער.

24 און עס וועט זיין,
אָנשטאָט בשׂמים וועט זיין צעפוילטקייט,
און אָנשטאָט אַ גאַרטל, אַ שטריק,
און אָנשטאָט קרויזן, אַ פּליך,
און אָנשטאָט אַ ברוסטטוך, אַ זאַקגורט;
אַ בראַנד אָנשטאָט שיינקייט.

25 דיינע מענער וועלן דורכן שווערד פאַלן,
און דיינע גיבורים אין מלחמה.
26 און קלאָגן און טרויערן וועלן אירע טויערן,
און אויסגעליידיקט וועט זי ווערן,
אויף דער ערד וועט זי זיצן.

ד 1 און זיבן ווייבער וועלן אָנהאַלטן איין מאַן אין יענעם טאָג, אַזוי צו זאָגן:
אונדזער ברויט וועלן מיר עסן,
און אונדזער קלייד וועלן מיר אָנטאָן,
נאָר דיין נאָמען זאָל גערופן ווערן אויף אונדז;
טו אָפּ אונדזער שאַנד.

2 אין יענעם טאָג וועט די שפּראָצונג פון גאָט
זיין פאַר אַ שיינקייט און פאַר אַ כּבוד,
און די פרוכט פון לאַנד פאַר אַ שטאָלץ און פאַר אַ צירונג,
פאַר די אַנטרונענע פון ישׂראל.
3 און עס וועט זיין,
דער וואָס איז געבליבן אין ציון,
און דער וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ירושָלַיִם,
וועט „הייליקער" געזאָגט ווערן צו אים—
איטלעכער וואָס איז פאַרשריבן צום לעבן אין ירושָלַיִם;
4 ווען גאָט האָט אָפּגעוואַשן דעם קויט פון די טעכטער פון ציוֹן,
און דאָס בלוט פון ירושָלַיִם שווענקט ער אָפּ פון איר מיט,
מיט אַ ווינט פון גערעכטיקייט,
און מיט אַ ווינט פון פאַרטיליקונג.
5 און גאָט וועט באַשאַפן אויפן גאַנצן פּלאַץ פון באַרג ציוֹן,
און אויף אירע זאַמלערטער,
אַ וואָלקן און רויך ביי טאָג,
און אַ שיין פון פלאַמפייער ביי נאַכט;
וואָרום, איבער אַל דער פּראַכטיקייט וועט זיין אַ חופּה.
6 און אַן איבערדעק וועט זיין
פאַר אַ שאָטן פון היץ ביי טאָג,
און פאַר אַ באַשיצונג און פאַר אַ פאַרבאָרגעניש
פון גוס און פון רעגן.

ה 1 לאָמיך זינגען פון מיין ליבן פריינט,
דאָס געזאַנג פון מיין באַליבטן אויף זיין ווייַנגאָרטן.
אַ ווייַנגאָרטן האָט מיין ליבער פריינט געהאַט,
אויף אַ בערגל אַ פעטן.
2 און ער האָט אים צעגראָבן און אים אויסגעשטיינט,
און אים באַפלאַנצט מיט טייערן ווייַנשטאָק,
און אויסגעבויט אַ טורעם אין אים,
און אויך אַ קעלטער אויסגעהאַקט דערין;
און ער האָט געהאָפט ער זאָל ווייַנטרויבן ברענגען,
און ער האָט ווילדטרויבן געבראַכט.
3 און אַצונד, איר באַווינער פון ירושָלַיִם,
און מענער פון יהודה,
משפּט, איך בעט אייַך,
צווישן מיר און צווישן מיין ווייַנגאָרטן.
4 וואָס נאָך איז געווען צו טאָן פאַר מיין ווייַנגאָרטן,
וואָס איך האָב אין אים ניט געטאָן?
פאַרוואָס, אַז איך האָב געהאָפט ער זאָל ווייַנטרויבן ברענגען,
האָט ער ווילדטרויבן געבראַכט?
5 און אַצונד, לאָמיך אייַך לאָזן וויסן,
וואָס איך וועל טאָן צו מיין ווייַנגאָרטן:
אָפּטאָן זיין צאַם,
און ער זאָל אָפּגעגעסן ווערן;
צעברעכן זיין פלויט,
און ער זאָל צעטרעטן ווערן.
6 און איך וועל אים מאַכן אַ וויסטעניש;
ניט באַשניטן און ניט אַרומגעגראָבן וועט ער ווערן,
און ער וועט פאַרוואַקסן מיט דערנער און ווילדגעוועקס.
און אויך די וואָלקנס וועל איך באַפעלן,

ז מֵֽהַמְטִ֥יר עָלָ֖יו מָטָֽר׃ כִּ֣י כֶ֜רֶם יְהוָ֤ה צְבָאוֹת֙ בֵּ֣ית יִשְׂרָאֵ֔ל
וְאִ֣ישׁ יְהוּדָ֔ה נְטַ֖ע שַׁעֲשׁוּעָ֑יו וַיְקַ֤ו לְמִשְׁפָּט֙ וְהִנֵּ֣ה מִשְׂפָּ֔ח
ח לִצְדָקָ֖ה וְהִנֵּ֥ה צְעָקָֽה׃ ה֗וֹי מַגִּיעֵ֥י בַ֙יִת֙ בְּבַ֔יִת שָׂדֶ֥ה
בְשָׂדֶ֖ה יַקְרִ֑יבוּ עַ֚ד אֶ֣פֶס מָק֔וֹם וְהֽוּשַׁבְתֶּ֥ם לְבַדְּכֶ֖ם בְּקֶ֥רֶב
ט הָאָֽרֶץ׃ בְּאָזְנָ֖י יְהוָ֣ה צְבָא֑וֹת אִם־לֹ֞א בָּתִּ֤ים רַבִּים֙ לְשַׁמָּ֣ה
י יִֽהְי֔וּ גְּדֹלִ֥ים וְטוֹבִ֖ים מֵאֵ֥ין יוֹשֵֽׁב׃ כִּ֗י עֲשֶׂ֙רֶת֙ צִמְדֵּי־כֶ֔רֶם
יא יַעֲשׂ֖וּ בַּ֣ת אֶחָ֑ת וְזֶ֥רַע חֹ֖מֶר יַעֲשֶׂ֥ה אֵיפָֽה׃ ה֛וֹי
מַשְׁכִּימֵ֥י בַבֹּ֖קֶר שֵׁכָ֣ר יִרְדֹּ֑פוּ מְאַחֲרֵ֣י בַנֶּ֔שֶׁף יַ֖יִן יַדְלִיקֵֽם׃
יב וְהָיָה֩ כִנּ֨וֹר וָנֶ֜בֶל תֹּ֧ף וְחָלִ֛יל וָיַ֖יִן מִשְׁתֵּיהֶ֑ם וְאֵ֨ת פֹּ֤עַל יְהוָה֙
יג לֹ֣א יַבִּ֔יטוּ וּמַעֲשֵׂ֥ה יָדָ֖יו לֹ֥א רָאֽוּ׃ לָכֵ֛ן גָּלָ֥ה עַמִּ֖י מִבְּלִי־
יד דָ֑עַת וּכְבוֹדוֹ֙ מְתֵ֣י רָעָ֔ב וַהֲמוֹנ֖וֹ צִחֵ֥ה צָמָֽא׃ לָכֵ֗ן הִרְחִ֤יבָה
שְּׁאוֹל֙ נַפְשָׁ֔הּ וּפָעֲרָ֥ה פִ֖יהָ לִבְלִי־חֹ֑ק וְיָרַ֨ד הֲדָרָ֧הּ וַהֲמוֹנָ֛הּ
טו וּשְׁאוֹנָ֖הּ וְעָלֵ֥ז בָּֽהּ׃ וַיִּשַּׁ֥ח אָדָ֖ם וַיִּשְׁפַּל־אִ֑ישׁ וְעֵינֵ֥י גְבֹהִ֖ים
טז תִּשְׁפַּֽלְנָה׃ וַיִּגְבַּ֛הּ יְהוָ֥ה צְבָא֖וֹת בַּמִּשְׁפָּ֑ט וְהָאֵל֙ הַקָּד֔וֹשׁ
יז נִקְדָּ֖שׁ בִּצְדָקָֽה׃ וְרָע֥וּ כְבָשִׂ֖ים כְּדָבְרָ֑ם וְחָרְב֥וֹת מֵחִ֖ים
יח גָּרִ֥ים יֹאכֵֽלוּ׃ ה֛וֹי מֹשְׁכֵ֥י הֶעָוֺ֖ן בְּחַבְלֵ֣י הַשָּׁ֑וְא
יט וְכַעֲב֥וֹת הָעֲגָלָ֖ה חַטָּאָֽה׃ הָאֹמְרִ֗ים יְמַהֵ֧ר ׀ יָחִ֛ישָׁה מַעֲשֵׂ֖הוּ
לְמַ֣עַן נִרְאֶ֑ה וְתִקְרַ֣ב וְתָב֗וֹאָה עֲצַ֛ת קְד֥וֹשׁ יִשְׂרָאֵ֖ל וְנֵדָֽעָה׃
כ ה֣וֹי הָאֹמְרִ֥ים לָרַ֛ע ט֖וֹב וְלַטּ֣וֹב רָ֑ע שָׂ֨מִים חֹ֤שֶׁךְ
לְאוֹר֙ וְא֣וֹר לְחֹ֔שֶׁךְ שָׂמִ֥ים מַ֛ר לְמָת֖וֹק וּמָת֥וֹק לְמָֽר׃
כא כב ה֕וֹי חֲכָמִ֖ים בְּעֵינֵיהֶ֑ם וְנֶ֥גֶד פְּנֵיהֶ֖ם נְבֹנִֽים׃ ה֕וֹי גִּבּוֹרִ֖ים
כג לִשְׁתּ֣וֹת יָ֑יִן וְאַנְשֵׁי־חַ֖יִל לִמְסֹ֥ךְ שֵׁכָֽר׃ מַצְדִּיקֵ֥י רָשָׁ֖ע עֵ֣קֶב
כד שֹׁ֑חַד וְצִדְקַ֥ת צַדִּיקִ֖ים יָסִ֥ירוּ מִמֶּֽנּוּ׃ לָכֵ֡ן כֶּאֱכֹ֨ל קַ֜שׁ
לְשׁ֣וֹן אֵ֗שׁ וַחֲשַׁ֤שׁ לֶֽהָבָה֙ יִרְפֶּ֔ה שָׁרְשָׁם֙ כַּמָּ֣ק יִהְיֶ֔ה וּפִרְחָ֖ם
כָּאָבָ֣ק יַעֲלֶ֑ה כִּ֣י מָאֲס֗וּ אֵ֚ת תּוֹרַת֙ יְהוָ֣ה צְבָא֔וֹת וְאֵ֛ת
כה אִמְרַ֥ת קְדוֹשׁ־יִשְׂרָאֵ֖ל נִאֵֽצוּ׃ עַל־כֵּ֞ן חָרָ֧ה אַף־יְהוָ֣ה בְּעַמּ֗וֹ
וַיֵּ֨ט יָד֥וֹ עָלָ֛יו וַיַּכֵּ֖הוּ וַיִּרְגְּזוּ֙ הֶֽהָרִ֔ים וַתְּהִ֥י נִבְלָתָ֖ם כַּסּוּחָ֣ה

ט׳ קמץ בטרחא    כד׳ בס״א המ׳ בקמץ

ניט צו רעגענען אויף אים קיין רעגן.
7 וואָרום דער ווײַנגאָרטן פון גאָט פון צבאות,
איז דאָס הויז פון ישראל;
און די מענער פון יהודה,
זיין געצערטלטע פלאַנצונג;
און ער האָט געהאָפט אויף גערעכטיקייט,
ערשט עס איז שלעכטיקייט,
אויף רעכטטוערײַ,
ערשט עס איז אַ יאָמערײַ[א].
8 וויי, די וואָס רוקן אַ הויז צו אַ הויז,
גענענען אַ פעלד צו אַ פעלד,
ביז ניטאָ מער קיין אָרט,
און איר אַליין בלייבט זיצן אין לאַנד!
9 אין מיינע אויערן [זאָגט] גאָט פון צבאות:
אויב פיל הייזער וועלן ניט צו וויסט ווערן,
גרויסע און שיינע, אָן אַ באַוווינער!
10 וואָרום צען אַקער ווײַנגאָרטן וועלן ברענגען איין בת,
און אַ חומר זאָמען וועט ברענגען אַן איפה.
11 וויי, די וואָס פעדערן זיך אין דער פרי,
דעם טרונק נאָכצויאָגן,
די וואָס שפעטיקן זיך ביי נאַכט,
ביז דער ווײַן צינדט זיי אָן!
12 און מיט האַרף און גיטאַר, מיט פויק און פלייט,
און מיט ווײַן, איז זייער מאָלצייט;
און דאָס ווערק פון גאָט קוקן זיי ניט אָן,
און די טואונג פון זיינע הענט זעען זיי ניט.
13 דרום גייט אין גלות מיין פאָלק,
פון ניט פאַרשטאַנדיקייט;
און זיינע נכבדים ווערן הונגערלייט,
און זיין המון פון דאָרשט פאַרטריקנט.
14 דרום האָט די אונטערערד אויסגעברייט איר שלונד,
און אויפגעשפּאַרט איר מויל אָן אַ מאָס;
און נידערן וועט איר[ב] פראַכט, און איר טומל
און איר גערויש, און ווו אַ לוסטיקער אין איר.
15 און געבויגן ווערט דער מענטש,
און דערנידערט ווערט דער מאַן,
און די אויגן פון די הויכע וועלן דערנידערט ווערן.
16 און יהוה פון צבאות ווערט דערהייכט
דורך גערעכטיקייט,
און גאָט דער הייליקער ווערט געהייליקט
דורך רעכטפאַרטיקייט.
17 און די שאָף וועלן זיך פיטערן ווי אויף זייער פיטערפּלאַץ,
און די חורבות פון די פעטע וועלן וואַנדערער פאַרצערן.
18 וויי, די וואָס שלעפּן דעם פאַרברעך מיט שנורן פון נישטיקייט,
און ווי מיט אַ וואָגנשטריק די זינד!
19 די וואָס זאָגן: זאָל ער איילן וואָס גיכער זיין ווערק,
כדי מיר זאָלן זען;
און זאָל גענענען און קומען דער באַראָט פון דעם הייליקן
פון ישראל,
און לאָמיר געוואָר ווערן.
20 וויי, די וואָס זאָגן אויף שלעכטס גוט,
און אויף גוט שלעכט;
וואָס מאַכן פינצטערניש פאַר ליכטיקייט,
און ליכטיקייט פאַר פינצטערניש;
וואָס מאַכן ביטער פאַר זיס,
און זיס פאַר ביטער!
21 וויי, די וואָס זיינען חכמים אין זייערע אויגן,
און פאַרשטאַנדיק אין זייער אָנגעזיכט!
22 וויי, די גיבורים אויף טרינקען ווײַן,
און העלדישע לייט אויף מישן דעם טרונק;
23 וואָס מאַכן גערעכט דעם שולדיקן אום שוחד,
און דאָס רעכט פון גערעכטן נעמען זיי פון אים אַוועק!
24 דרום, אַזוי ווי די צונג פון פייער פאַרצערט שטרוי,
און שפּריי צעקריכט אין אַ פלאַם,
אַזוי וועט זייער וואָרצל ווי אַ צעפוילונג ווערן,
און זייער בליאונג וועט ווי שטויב אויפגיין;
ווייל זיי האָבן פאַראַכט די תורה פון גאָט פון צבאות,
און געלעסטערט דאָס וואָרט פון דעם הייליקן פון ישראל.
25 דרום האָט געגרימט דער צאָרן פון גאָט אויף זיין פאָלק,
און ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויף אים,
און האָט אים געשלאָגן,
אַז די בערג האָבן געציטערט;
און זייערע טויטע לייבער זיינען געוואָרן

[א] וואָרטשפּיל: לְמִשְׁפָּט וְהִנֵּה מִשְׂפָּח לִצְדָקָה וְהִנֵּה צְעָקָה.

[ב] ירושלים.

בְּקֶרֶב חוּצוֹת בְּכָל־זֹאת לֹא־שָׁב אַפּוֹ וְעוֹד יָדוֹ נְטוּיָה׃
וְנָשָׂא־נֵס לַגּוֹיִם מֵרָחוֹק וְשָׁרַק לוֹ מִקְצֵה הָאָרֶץ וְהִנֵּה כו
מְהֵרָה קַל יָבוֹא׃ אֵין־עָיֵף וְאֵין־כּוֹשֵׁל בּוֹ לֹא יָנוּם וְלֹא כז
יִישָׁן וְלֹא נִפְתַּח אֵזוֹר חֲלָצָיו וְלֹא נִתַּק שְׂרוֹךְ נְעָלָיו׃
אֲשֶׁר חִצָּיו שְׁנוּנִים וְכָל־קַשְּׁתֹתָיו דְּרֻכוֹת פַּרְסוֹת סוּסָיו כח
כַּצַּר נֶחְשָׁבוּ וְגַלְגִּלָּיו כַּסּוּפָה׃ שְׁאָגָה לוֹ כַּלָּבִיא וְשָׁאַג כט
כַּכְּפִירִים וְיִנְהֹם וְיֹאחֵז טֶרֶף וְיַפְלִיט וְאֵין מַצִּיל׃ וְיִנְהֹם ל
עָלָיו בַּיּוֹם הַהוּא כְּנַהֲמַת־יָם וְנִבַּט לָאָרֶץ וְהִנֵּה־חֹשֶׁךְ צַר
וָאוֹר חָשַׁךְ בַּעֲרִיפֶיהָ׃

ו

בִּשְׁנַת־מוֹת הַמֶּלֶךְ עֻזִּיָּהוּ וָאֶרְאֶה אֶת־אֲדֹנָי יֹשֵׁב עַל־כִּסֵּא א
רָם וְנִשָּׂא וְשׁוּלָיו מְלֵאִים אֶת־הַהֵיכָל׃ שְׂרָפִים עֹמְדִים ׀ ב
מִמַּעַל לוֹ שֵׁשׁ כְּנָפַיִם שֵׁשׁ כְּנָפַיִם לְאֶחָד בִּשְׁתַּיִם ׀ יְכַסֶּה
פָנָיו וּבִשְׁתַּיִם יְכַסֶּה רַגְלָיו וּבִשְׁתַּיִם יְעוֹפֵף׃ וְקָרָא זֶה ג
אֶל־זֶה וְאָמַר קָדוֹשׁ ׀ קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ יְהוָה צְבָאוֹת מְלֹא
כָל־הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ׃ וַיָּנֻעוּ אַמּוֹת הַסִּפִּים מִקּוֹל הַקּוֹרֵא ד
וְהַבַּיִת יִמָּלֵא עָשָׁן׃ וָאֹמַר אוֹי־לִי כִי־נִדְמֵיתִי כִּי אִישׁ טְמֵא־ ה
שְׂפָתַיִם אָנֹכִי וּבְתוֹךְ עַם־טְמֵא שְׂפָתַיִם אָנֹכִי יֹשֵׁב כִּי אֶת־
הַמֶּלֶךְ יְהוָה צְבָאוֹת רָאוּ עֵינָי׃ וַיָּעָף אֵלַי אֶחָד מִן־הַשְּׂרָפִים ו
וּבְיָדוֹ רִצְפָּה בְּמֶלְקַחַיִם לָקַח מֵעַל הַמִּזְבֵּחַ׃ וַיַּגַּע עַל־פִּי ז
וַיֹּאמֶר הִנֵּה נָגַע זֶה עַל־שְׂפָתֶיךָ וְסָר עֲוֺנֶךָ וְחַטָּאתְךָ תְּכֻפָּר׃
וָאֶשְׁמַע אֶת־קוֹל אֲדֹנָי אֹמֵר אֶת־מִי אֶשְׁלַח וּמִי יֵלֶךְ־לָנוּ ח
וָאֹמַר הִנְנִי שְׁלָחֵנִי׃ וַיֹּאמֶר לֵךְ וְאָמַרְתָּ לָעָם הַזֶּה שִׁמְעוּ ט
שָׁמוֹעַ וְאַל־תָּבִינוּ וּרְאוּ רָאוֹ וְאַל־תֵּדָעוּ׃ הַשְׁמֵן לֵב־הָעָם י
הַזֶּה וְאָזְנָיו הַכְבֵּד וְעֵינָיו הָשַׁע פֶּן־יִרְאֶה בְעֵינָיו וּבְאָזְנָיו
יִשְׁמָע וּלְבָבוֹ יָבִין וָשָׁב וְרָפָא לוֹ׃ וָאֹמַר עַד־מָתַי אֲדֹנָי יא
וַיֹּאמֶר עַד אֲשֶׁר אִם־שָׁאוּ עָרִים מֵאֵין יוֹשֵׁב וּבָתִּים מֵאֵין

ה, כח׳ כצל קמץ בז״ק כט׳ ישאג קרי ו, א׳ הפטרה וישמע יתרו י׳ קמץ בז״ק

וווי מיסט אין דער מיט פון די גאַסן.
ביי אַלעם דעם איז ניט אָפּגעגאַנגען זיין כּעס.
און זיין האַנט איז נאָך אויסגעשטרעקט.

26 און ער וועט אויפהייבן אַ פאָן צו די פעלקער פון דער
ווייט,
און וועט שמוצערן צו אים פון עק ערד,
און זע, אַיילִיק פלינק וועט ער קומען;
27 ניטאָ קיין מידער און קיין שטרויכלער ביי אים,
ער שלומערט ניט און שלאָפט ניט,
און ניט אָפּגעבונדן איז דער גאַרטל פון זיינע לענדן,
און ניט צעריסן אַ בענדל פון זיינע שיך.
28 וואָס זיינע פיילן זיינען געשאַרפט,
און אַלע זיינע בויגנס געשפּאַנט;
די קלויען פון זיינע פערד זיינען ווי קיזל גערעכנט,
און זיינע רעדער ווי דער שטורעמווינט.
29 אַ בריל האָט ער ווי די לייבינטע,
און ער ברילט ווי יונגלייבן,
און ברומט, און כאַפּט רויב,
און טראָגט אַוועק, און ניטאָ ווער זאָל מציל זיין.
30 און ער וועט ברומען אויף אים אין יענעם טאָג,
אַזוי ווי די ברומונג פון ים;
און מע וועט אַ קוק טאָן צו דער ערד,
ערשט אַן ענגע פינצטערניש,
און דאָס ליכט איז פינצטער אין אירע הימלען.

ו 1 אין דעם יאָר וואָס דער מלך עוזיָהו איז געשטאָרבן, האָב איך געזען גאָט זיצן אויף אַ הויכן און דערהויבענעם טראָן, און זיינע ברעגן האָבן אָנגעפילט דעם היכל. 2 שׂרפים זיינען געשטאַנען איבער אים; צו זעקס פליגלען, צו זעקס פליגלען האָט איטלעכער געהאַט: מיט צוויי האָט ער פאַרדעקט זיין פּנים, און מיט צוויי האָט ער פאַרדעקט זיינע פיס, און מיט צוויי איז ער געפלויגן.
3 און איינער האָט גערופן צום אַנדערן, און האָט געזאָגט:
הייליק, הייליק, הייליק איז גאָט פון צבָאוֹת,
די גאַנצע ערד איז פול מיט זיין פראַכט.
4 און די ביישטידלעך פון די שוועלן האָבן זיך געטרייסלט פון דעם קָול פון די רופער, און דאָס הויז איז פול געוואָרן מיט רויך. 5 האָב איך געזאָגט:
וויי מיר, וואָרום איך בין פאַרשניטן;
ווייל אַ מענטש מיט אומריינע ליפּן בין איך,
און צווישן אַ פאָלק מיט אומריינע ליפּן זיץ איך;
וואָרום דעם קיניג גאָט פון צבָאוֹת
האָבן געזען מיינע אויגן.
6 איז צוגעפלויגן צו מיר איינער פון די שׂרפים, און אין זיין האַנט איז געווען אַן אָנגעברענטער שטיין, וואָס ער האָט מיט אַ פייערצוואַנג גענומען פון מזבח; 7 און ער האָט אים צוגערירט צו מיין מויל, און האָט געזאָגט:
זע, דאָסדאָזיקע האָט אָנגערירט אויף דיינע ליפּן,
אָפּטאָן וועט זיך דיין פאַרברעך,
און דיין זינד וועט פאַרגעבן ווערן.
8 און איך האָב געהערט דעם קָול פון גאָט ווי ער זאָגט:
וועמען זאָל איך שיקן,
און ווער זאָל אונדז גיין?
האָב איך געזאָגט: דאָ בין איך; שיק מיך. 9 האָט ער געזאָגט: גיי און זאָלסט זאָגן צו דעמדאָזיקן פאָלק:
הערן זאָלט איר הערן, אָבער ניט פאַרשטיין,
און זען זאָלט איר זען, אָבער ניט מערקן.
10 מאַך פעט דאָס האַרץ פון דעמדאָזיקן פאָלק,
און זיינע אויערן מאַך שווער,
און זיינע אויגן פאַרקלעפּ,
טאָמער וועט ער זען מיט זיינע אויגן,
און מיט זיינע אויערן הערן,
און זיין האַרץ וועט פאַרשטיין,
און ער וועט זיך אומקערן, און געהיילט ווערן.
11 האָב איך געזאָגט: ביז וואַנען, גאָט? און ער האָט געזאָגט:
ביז אַז שטעט וועלן זיין וויסט אָן אַ באַוווינער,
און הייזער אָן אַ מענטשן

אוּן די ערד וועט פֿאַרוויסט ווערן אין אַ וויסטעניש;
12 אוּן גאָט וועט דערווייטערן די מענטשן,
אוּן די פֿאַרלאָזנקייט וועט זיין גרויס אין לאַנד.
13 אוּן בלייבט נאָך אַ צענט־חלק דרינען,
וועט עס ווידער אויסגעראַמט ווערן;
ווי אַ טערעבינט אוּן ווי אַן אייכנבוים,
וואָס נאָר זייער שטאַם בלייבט ווען בלעטער צעפֿאַלן;
דער הייליקער זאָמען וועט זיין איר שטאַם.

**ז** 1 אוּן עס איז געווען אין די טעג פֿוּן אָחָז דעם זון פֿוּן יוֹתָם דעם זון פֿוּן עוּזִיָהון, דעם מלך פֿוּן יהודה, איז רצין דער מלך פֿוּן אַרָם, אוּן פֶּקַח דער זון פֿוּן רמַליָהון, דער מלך פֿוּן ישׂראל, אַרויפֿגעגאַנגען אויף ירוּשָלַיִם, אין מלחמה אויף איר, אָבער זיי האָבן זי ניט געקענט בייקומען. 2 אוּן עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן אין הויז פֿוּן דוד, אַזוי צו זאָגן: אַרָם לאַגערט אין איינעם מיט אפֿרים. אוּן זיין האַרץ אוּן דאָס האַרץ פֿוּן זיין פֿאָלק האָט זיך געטרייסלט, אַזוי ווי עס טרייסלען זיך די ביימער פֿוּן וואַלד פֿאַרן ווינט.
3 האָט גאָט געזאָגט צו ישַעיָהון: גיי אַקאָרשט אַרויס אַנטקעגן אָחָזן, דו אוּן דיין זון שְאָר־יָשוּב[א], ביים ברעג גראָבן פֿוּן דעם אויבערשטן טייך, אויף דעם וועג פֿוּן וועשערפֿעלד, 4 אוּן זאָלסט זאָגן צו אים:
זיי געזעצט אוּן רוּאיק,
זאָלסט ניט מוֹרא האָבן,
אוּן דיין האַרץ זאָל ניט שלאַף ווערן,
פֿאַר די דאָזיקע צוויי רייכערדיקע עקן פֿייערהעלצער;
איבער דעם גרימצאָרן פֿוּן רצין אוּן אַרָם,
אוּן דעם זון פֿוּן רמַליָהון.
5 ווייל אַרָם האָט באַראָטן אויף דיר בייז,
אפֿרים אוּן דער זון פֿוּן רמַליָהון, אַזוי צו זאָגן:
6 לאָמיר אַרויפֿגיין אויף יהודה אוּן זי אַיינשרעקן,
אוּן לאָמיר זי איינברעכן פֿאַר אונדז,
אוּן לאָמיר מאַכן פֿאַר אַ מלך אין איר
דעם זון פֿוּן טָבאֵלן—
7 האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
עס וועט ניט באַשטיין, אוּן וועט ניט געשען.
8 וואָרוּם דער קאָפּ פֿוּן אַרָם איז דַמֶשֶק,
אוּן דער קאָפּ פֿוּן דַמֶשֶק איז רצין;
אוּן אין נאָך פֿינף אוּן זעכציק יאָר
וועט אפֿרים צעבראָכן ווערן פֿאַר אויס פֿאָלק.
9 אוּן דער קאָפּ פֿוּן אפֿרים איז שוֹמרוֹן,
אוּן דער קאָפּ פֿוּן שוֹמרוֹן איז דער זון פֿוּן רמַליָהון.
אַז איר וועט ניט גלויבן, וועט איר זיכער ניט בלייבן[ב].

10 אוּן גאָט האָט ווידער גערעדט צו אָחָזן, אַזוי צו זאָגן: 11 בעט דיר אַ צייכן פֿוּן יהוה דיין גאָט; בעט פֿוּן דער טיפֿעניש, אָדער פֿוּן אויבן אין דער הייך. 12 האָט אָחָז געזאָגט: איך וועל ניט בעטן, אוּן ניט פּרוּוון יהוה. 13 האָט ער געזאָגט: הערט אַקאָרשט, איר הויז פֿוּן דוד: איז אַייך ווינציק מיד צו מאַכן מענטשן, אַז איר ווילט אויך מיין גאָט מיד מאַכן? 14 דרום וועט יהוה אַליין אַייך געבן אַ צייכן: אָט ווערט די יוּנגע פֿרוי טראָגעדיק, אוּן זי געבערט אַ זון, אוּן וועט רוּפֿן זיין נאָמען עִמָנוּאֵל[ג]. 15 שמאַנט אוּן האָניק וועט ער עסן, ווען ער וועט וויסן פֿיינט צו האָבן שלעכטס, אוּן אויסצוקלייבן גוטס.—

יב אָדָם וְהָאֲדָמָה תִּשָּׁאֶה שְׁמָמָה׃ וְרִחַק יְהוָה אֶת־הָאָדָם
יג וְרַבָּה הָעֲזוּבָה בְּקֶרֶב הָאָרֶץ׃ וְעוֹד בָּהּ עֲשִׂרִיָּה וְשָׁבָה
וְהָיְתָה לְבָעֵר כָּאֵלָה וְכָאַלּוֹן אֲשֶׁר בְּשַׁלֶּכֶת מַצֶּבֶת בָּם
זֶרַע קֹדֶשׁ מַצַּבְתָּהּ׃

ז

א וַיְהִי בִּימֵי אָחָז בֶּן־יוֹתָם בֶּן־עֻזִּיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה עָלָה רְצִין
מֶלֶךְ־אֲרָם וּפֶקַח בֶּן־רְמַלְיָהוּ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל יְרוּשָׁלַםִ
ב לַמִּלְחָמָה עָלֶיהָ וְלֹא יָכֹל לְהִלָּחֵם עָלֶיהָ׃ וַיֻּגַּד לְבֵית דָּוִד
לֵאמֹר נָחָה אֲרָם עַל־אֶפְרָיִם וַיָּנַע לְבָבוֹ וּלְבַב עַמּוֹ כְּנוֹעַ
ג עֲצֵי־יַעַר מִפְּנֵי־רוּחַ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְשַׁעְיָהוּ צֵא־
נָא לִקְרַאת אָחָז אַתָּה וּשְׁאָר יָשׁוּב בְּנֶךָ אֶל־קְצֵה תְּעָלַת
ד הַבְּרֵכָה הָעֶלְיוֹנָה אֶל־מְסִלַּת שְׂדֵה כוֹבֵס׃ וְאָמַרְתָּ אֵלָיו
הִשָּׁמֵר וְהַשְׁקֵט אַל־תִּירָא וּלְבָבְךָ אַל־יֵרַךְ מִשְּׁנֵי זַנְבוֹת
הָאוּדִים הָעֲשֵׁנִים הָאֵלֶּה בָּחֳרִי־אַף רְצִין וַאֲרָם וּבֶן־
ה רְמַלְיָהוּ׃ יַעַן כִּי־יָעַץ עָלֶיךָ אֲרָם רָעָה אֶפְרַיִם וּבֶן־רְמַלְיָהוּ
ו לֵאמֹר׃ נַעֲלֶה בִיהוּדָה וּנְקִיצֶנָּה וְנַבְקִעֶנָּה אֵלֵינוּ וְנַמְלִיךְ
ז מֶלֶךְ בְּתוֹכָהּ אֵת בֶּן־טָבְאַל׃ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה
ח לֹא תָקוּם וְלֹא תִהְיֶה׃ כִּי רֹאשׁ אֲרָם דַּמֶּשֶׂק וְרֹאשׁ
דַּמֶּשֶׂק רְצִין וּבְעוֹד שִׁשִּׁים וְחָמֵשׁ שָׁנָה יֵחַת אֶפְרַיִם מֵעָם׃
ט וְרֹאשׁ אֶפְרַיִם שֹׁמְרוֹן וְרֹאשׁ שֹׁמְרוֹן בֶּן־רְמַלְיָהוּ אִם לֹא
י תַאֲמִינוּ כִּי לֹא תֵאָמֵנוּ׃ וַיּוֹסֶף יְהוָה דַּבֵּר אֶל־אָחָז
יא לֵאמֹר׃ שְׁאַל־לְךָ אוֹת מֵעִם יְהוָה אֱלֹהֶיךָ הַעְמֵק שְׁאָלָה
יב אוֹ הַגְבֵּהַּ לְמָעְלָה׃ וַיֹּאמֶר אָחָז לֹא־אֶשְׁאַל וְלֹא־אֲנַסֶּה
יג אֶת־יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר שִׁמְעוּ־נָא בֵּית דָּוִד הַמְעַט מִכֶּם הַלְאוֹת
יד אֲנָשִׁים כִּי תַלְאוּ גַּם אֶת־אֱלֹהָי׃ לָכֵן יִתֵּן אֲדֹנָי הוּא לָכֶם
אוֹת הִנֵּה הָעַלְמָה הָרָה וְיֹלֶדֶת בֵּן וְקָרָאת שְׁמוֹ עִמָּנוּ אֵל׃
טו חֶמְאָה וּדְבַשׁ יֹאכֵל לְדַעְתּוֹ מָאוֹס בָּרָע וּבָחוֹר בַּטּוֹב׃

ו, יג׳ סבירין סה   ע״כ לספרדים   ז, ב׳ מלעיל   ו׳ דלג עד ט, ה׳

[א] אַן איבערבלייב וועט זיך צוריקקערן. זע י, 21.
[ב] וואָרטשפּיל: אִם לֹא תַאֲמִינוּ כִּי לֹא תֵאָמֵנוּ.
[ג] גאָט מיט אונדז.

כִּי בְּטֶרֶם יֵדַע הַנַּעַר מָאֹס בָּרָע וּבָחֹר בַּטּוֹב תֵּעָזֵב טז
הָאֲדָמָה אֲשֶׁר־אַתָּה קָץ מִפְּנֵי שְׁנֵי מְלָכֶיהָ׃ יָבִיא יְהוָה יז
עָלֶיךָ וְעַל־עַמְּךָ וְעַל־בֵּית אָבִיךָ יָמִים אֲשֶׁר לֹא־בָאוּ
לְמִיּוֹם סוּר־אֶפְרַיִם מֵעַל יְהוּדָה אֵת מֶלֶךְ אַשּׁוּר׃
וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא יִשְׁרֹק יְהוָה לַזְּבוּב אֲשֶׁר בִּקְצֵה יְאֹרֵי יח
מִצְרָיִם וְלַדְּבוֹרָה אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ אַשּׁוּר׃ וּבָאוּ וְנָחוּ כֻלָּם יט
בְּנַחֲלֵי הַבַּתּוֹת וּבִנְקִיקֵי הַסְּלָעִים וּבְכֹל הַנַּעֲצוּצִים וּבְכֹל
הַנַּהֲלֹלִים׃ בַּיּוֹם הַהוּא יְגַלַּח אֲדֹנָי בְּתַעַר הַשְּׂכִירָה כ
בְּעֶבְרֵי נָהָר בְּמֶלֶךְ אַשּׁוּר אֶת־הָרֹאשׁ וְשַׂעַר הָרַגְלָיִם וְגַם
אֶת־הַזָּקָן תִּסְפֶּה׃ וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא יְחַיֶּה־אִישׁ עֶגְלַת כא
בָּקָר וּשְׁתֵּי־צֹאן׃ וְהָיָה מֵרֹב עֲשׂוֹת חָלָב יֹאכַל חֶמְאָה כב
כִּי־חֶמְאָה וּדְבַשׁ יֹאכֵל כָּל־הַנּוֹתָר בְּקֶרֶב הָאָרֶץ׃ וְהָיָה כג
בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה כָל־מָקוֹם אֲשֶׁר יִהְיֶה־שָּׁם אֶלֶף גֶּפֶן
בְּאֶלֶף כָּסֶף לַשָּׁמִיר וְלַשַּׁיִת יִהְיֶה׃ בַּחִצִּים וּבַקֶּשֶׁת יָבוֹא כד
שָׁמָּה כִּי־שָׁמִיר וָשַׁיִת תִּהְיֶה כָל־הָאָרֶץ׃ וְכֹל הֶהָרִים כה
אֲשֶׁר בַּמַּעְדֵּר יֵעָדֵרוּן לֹא־תָבוֹא שָׁמָּה יִרְאַת שָׁמִיר וָשָׁיִת
וְהָיָה לְמִשְׁלַח שׁוֹר וּלְמִרְמַס שֶׂה׃

ח

וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי קַח־לְךָ גִּלָּיוֹן גָּדוֹל וּכְתֹב עָלָיו בְּחֶרֶט א
אֱנוֹשׁ לְמַהֵר שָׁלָל חָשׁ בַּז׃ וְאָעִידָה לִּי עֵדִים נֶאֱמָנִים ב
אֵת אוּרִיָּה הַכֹּהֵן וְאֶת־זְכַרְיָהוּ בֶּן יְבֶרֶכְיָהוּ׃ וָאֶקְרַב אֶל־ ג
הַנְּבִיאָה וַתַּהַר וַתֵּלֶד בֵּן וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי קְרָא שְׁמוֹ מַהֵר
שָׁלָל חָשׁ בַּז׃ כִּי בְּטֶרֶם יֵדַע הַנַּעַר קְרֹא אָבִי וְאִמִּי יִשָּׂא ׀ ד
אֶת־חֵיל דַּמֶּשֶׂק וְאֵת שְׁלַל שֹׁמְרוֹן לִפְנֵי מֶלֶךְ אַשּׁוּר׃
וַיֹּסֶף יְהוָה דַּבֵּר אֵלַי עוֹד לֵאמֹר׃ יַעַן כִּי מָאַס הָעָם הַזֶּה ה ו
אֵת מֵי הַשִּׁלֹחַ הַהֹלְכִים לְאַט וּמְשׂוֹשׂ אֶת־רְצִין וּבֶן־
רְמַלְיָהוּ׃ וְלָכֵן הִנֵּה אֲדֹנָי מַעֲלֶה עֲלֵיהֶם אֶת־מֵי הַנָּהָר ז

ח, ו׳ פתח באתנח

16 יאָ, נאָך אײדער דער ייִנגל וועט וויסן פײנט צו האָבן
שלעכטס, און אויסצוקלײַבן גוטס, וועט פאַרלאָזן ווערן
די ערד וואָס דו שרעקסט זיך פאַר אירע צוויי מלכים.–
17 גאָט וועט ברענגען אויף דיר, און אויף דײַן פאָלק, און
אויף דײַן פאָטערס הויז, טעג וואָס זײַנען ניט געווען פון
דעם טאָג וואָס אפרים האָט זיך אָפּגעקערט פון יהודה–
דעם מלך פון אַשור.

18 און עס וועט זײַן אין יענעם טאָג,
וועט גאָט אַ שמוצער טאָן צו דער פליג
וואָס אין עק טײַכן פון מִצרַיִם,
און צו דער בין וואָס אין לאַנד אַשור.
19 און זיי וועלן קומען, און וועלן אַלע רוען
אין די וויסטע טאָלן און אין די שפּאַלטן פון פעלזן,
און אין אַלע דערנער און אין אַלע ווילדע בײמלעך.
20 אין יענעם טאָג וועט גאָט אָפּגאָלן
מיט דעם גאָלמעסער געדונגען אויף יענער זײַט טײַך–
מיט דעם מלך פון אַשור,
דעם קאָפּ און די האָר פון די פיס,
און אויך די באָרד וועט עס אַראָפּנעמען.

21 און עס וועט זײַן אין יענעם טאָג,
אַז אַ מאַן וועט אויפהאָדעווען אַ יונגע קו און צוויי שאָף,
22 איז, פון פיל מילך וואָס זיי וועלן געבן,
וועט ער עסן שמאַנט;
וואָרום שמאַנט און האָניק וועט עסן
איטלעכער וואָס איז געבליבן אין לאַנד.
23 און עס וועט זײַן אין יענעם טאָג,
איז, איטלעכער אָרט וווּ עס זײַנען דאָ
טויזנט ווײַנשטאָקן ווערט טויזנט זילבערשטיק,
וועט פאַר דערנער און פאַר ווילדגעוועקס זײַן.
24 מיט פײַלן און מיט בויגן
וועט מען קומען אַהין,
וואָרום דערנער און ווילדגעוועקס
וועט זײַן דאָס גאַנצע לאַנד.
25 און אַלע בערג וואָס ווערן
מיט אַ גראָבאַײַזן געגראָבן,
וועסטו אַהין ניט קומען אויס מורא
פאַר דערנער און ווילדגעוועקס,
נאָר עס וועט זײַן פאַר אָקסן אַרויסצולאָזן,
און פאַר שאָף צום טרעטן.

ח 1 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: נעם דיר אַ גרויסן טאָוול, און שרײַב אָן דערויף מיטן שריפט פון פאָלק: דער זאַק־רויב אײַלט, דער רויב קומט גיך. 2 און איך זאָל מיר שטעלן באַגלויבטע עדות, אוּרִיָה דעם כֹּהן, און זכַריָהו דעם זון פון יבֶרֶכיָהון.
3 און איך האָב גענענט צו דער נביאה, און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון. און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: רוף זײַן נאָמען: מַהֵר־שָׁלָל־חָש־בַּז.[א] 4 וואָרום אײדער דער ייִנגל וועט וויסן צו רופן טאַטע און מאַמע, וועט מען אַוועקטראָגן דעם פאַרמעג פון דַמֶשֶׂק, און דעם זאַקרויב פון שומרון, פאַרויס פאַר דעם מלך פון אַשור.
5 און גאָט האָט נאָך ווידער צו מיר גערעדט, אַזוי צו זאָגן:
6 ווײַל דאָסדאָזיקע פאָלק האָט פאַראַכט
די וואַסערן פון שִלוֹחַ וואָס גײען פּאַמעלעך,
און זיך געפרײט מיט רצין און דעם זון פון רמַליָהון,
7 דרומעך זע, גאָט ברענגט אַרויף אויף זיי
די גרויסע און מאַכטיקע וואַסערן פון טײַך[ב],

[א] דער זאַקרויב אײַלט, דער רויב קומט גיך.
[ב] פּרָת.

הָעֲצוּמִים וְהָרַבִּים אֶת־מֶלֶךְ אַשּׁוּר וְאֶת־כָּל־כְּבוֹדוֹ וְעָלָה
ח עַל־כָּל־אֲפִיקָיו וְהָלַךְ עַל־כָּל־גְּדוֹתָיו׃ וְחָלַף בִּיהוּדָה
שָׁטַף וְעָבַר עַד־צַוָּאר יַגִּיעַ וְהָיָה מֻטּוֹת כְּנָפָיו מְלֹא רֹחַב־
ט אַרְצְךָ עִמָּנוּ אֵל׃ רֹעוּ עַמִּים וָחֹתּוּ וְהַאֲזִינוּ כֹּל
י מֶרְחַקֵּי־אָרֶץ הִתְאַזְּרוּ וָחֹתּוּ הִתְאַזְּרוּ וָחֹתּוּ׃ עֻצוּ עֵצָה
יא וְתֻפָר דַּבְּרוּ דָבָר וְלֹא יָקוּם כִּי עִמָּנוּ אֵל׃ כִּי
כֹה אָמַר יְהוָה אֵלַי כְּחֶזְקַת הַיָּד וְיִסְּרֵנִי מִלֶּכֶת בְּדֶרֶךְ
יב הָעָם־הַזֶּה לֵאמֹר׃ לֹא־תֹאמְרוּן קֶשֶׁר לְכֹל אֲשֶׁר־יֹאמַר
הָעָם הַזֶּה קָשֶׁר וְאֶת־מוֹרָאוֹ לֹא־תִירְאוּ וְלֹא תַעֲרִיצוּ׃
יג אֶת־יְהוָה צְבָאוֹת אֹתוֹ תַקְדִּישׁוּ וְהוּא מוֹרַאֲכֶם וְהוּא
יד מַעֲרִצְכֶם׃ וְהָיָה לְמִקְדָּשׁ וּלְאֶבֶן נֶגֶף וּלְצוּר מִכְשׁוֹל לִשְׁנֵי
טו בָתֵּי יִשְׂרָאֵל לְפַח וּלְמוֹקֵשׁ לְיוֹשֵׁב יְרוּשָׁלִָם׃ וְכָשְׁלוּ בָם
טז רַבִּים וְנָפְלוּ וְנִשְׁבָּרוּ וְנוֹקְשׁוּ וְנִלְכָּדוּ׃ צוֹר תְּעוּדָה
יז חֲתוֹם תּוֹרָה בְּלִמֻּדָי׃ וְחִכִּיתִי לַיהוָה הַמַּסְתִּיר פָּנָיו מִבֵּית
יח יַעֲקֹב וְקִוֵּיתִי־לוֹ׃ הִנֵּה אָנֹכִי וְהַיְלָדִים אֲשֶׁר נָתַן־לִי יְהוָה
לְאֹתוֹת וּלְמוֹפְתִים בְּיִשְׂרָאֵל מֵעִם יְהוָה צְבָאוֹת הַשֹּׁכֵן
יט בְּהַר צִיּוֹן׃ וְכִי־יֹאמְרוּ אֲלֵיכֶם דִּרְשׁוּ אֶל־הָאֹבוֹת וְאֶל־
הַיִּדְּעֹנִים הַמְצַפְצְפִים וְהַמַּהְגִּים הֲלוֹא־עַם אֶל־אֱלֹהָיו יִדְרֹשׁ
כ בְּעַד הַחַיִּים אֶל־הַמֵּתִים׃ לְתוֹרָה וְלִתְעוּדָה אִם־לֹא יֹאמְרוּ
כא כַּדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר אֵין־לוֹ שָׁחַר׃ וְעָבַר בָּהּ נִקְשֶׁה וְרָעֵב
וְהָיָה כִי־יִרְעַב וְהִתְקַצַּף וְקִלֵּל בְּמַלְכּוֹ וּבֵאלֹהָיו וּפָנָה
כב לְמָעְלָה׃ וְאֶל־אֶרֶץ יַבִּיט וְהִנֵּה צָרָה וַחֲשֵׁכָה מְעוּף צוּקָה
כג וַאֲפֵלָה מְנֻדָּח׃ כִּי לֹא מוּעָף לַאֲשֶׁר מוּצָק לָהּ כָּעֵת
הָרִאשׁוֹן הֵקַל אַרְצָה זְבֻלוּן וְאַרְצָה נַפְתָּלִי וְהָאַחֲרוֹן
הִכְבִּיד דֶּרֶךְ הַיָּם עֵבֶר הַיַּרְדֵּן גְּלִיל הַגּוֹיִם׃

ט

א הָעָם הַהֹלְכִים בַּחֹשֶׁךְ רָאוּ אוֹר גָּדוֹל יֹשְׁבֵי בְּאֶרֶץ צַלְמָוֶת

ח, טו׳ קמץ בז״ק   יז׳ כצ״ל

דעם מלך פון אַשור מיט זיין גאַנצער מחנה,
און ער וועט איבערלויפן איבער אַלע זיינע גראָבנס,
און אַריבערגיין איבער זיינע אַלע ברעגן;
8 און ער וועט דורכציען דורך יהודה,
פלייצנדיק וועט ער דורכשטראָמען,
ביזן האַלדז וועט ער גרייכן,
און די שפּרייטונגען פון זיינע פליגלען
וועלן אָנפילן די ברייט פון דיין לאַנד, עִמָּנוּאֵל[א]!
9 ליאַרעמט, איר פעלקער, אָבער איר וועט צעבראָכן ווערן;
יאָ, פאַרנעמט אַלע ווייטענישן פון דער ערד;
גורט אַייך אָן, אָבער איר וועט צעבראָכן ווערן,
גורט אַייך אָן, אָבער איר וועט צעבראָכן ווערן.
10 עצהט אַן עצה, און זי וועט פאַרשטערט ווערן,
רעדט אָפּ אַ זאַך, און זי וועט ניט באַשטיין,
וואָרום גאָט איז מיט אונדז[ב].
11 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט צו מיר מיט אַ שטאַרקער האַנט, און ער האָט מיך געוואָרנט, ניט צו גיין אין וועג פון דעמדאָזיקן פאָלק, אַזוי צו זאָגן:
12 איר זאָלט ניט זאָגן בונט אויף אַלץ
וואָס דאָסדאָזיקע פאָלק זאָגט בונט,
און זיין מורא זאָלט איר ניט מורא האָבן,
און ניט פאָרכטן.
13 גאָט פון צבָאות, אים זאָלט איר הייליקן,
און ער זאָל זיין אַייער מורא, און ער אַייער פאָרכט.
14 און ער וועט זיין פאַר אַ הייליקטום,
אָבער אויך פאַר אַ שטיין פון אָנשטויסונג,
און פאַר אַ פעלז פון שטרויכלונג,
פאַר ביידע הייזער פון ישׂראל;
פאַר אַ נעץ און פאַר אַ פאַסטקע
פאַר דעם באַוווינער פון ירושָלַיִם.
13 און פיל צווישן זיי וועלן געשטרויכלט ווערן,
און פאַלן און צעבראָכן ווערן,
און געפאַנגען און באַצוווּנגען ווערן.
16 פאַרבינדן די וואָרעניש,
פאַרחתמען די לערנונג צווישן מיינע לערנער!
17 און איך וועל האַרן אויף גאָט וואָס פאַרבאָרגט זיין פנים פון דעם הויז פון יעקב, און וועל האָפן צו אים. 18 אָט בין איך און די קינדער וואָס גאָט האָט מיר געגעבן, פאַר סימנים און פאַר צייכנס אין ישראל פון גאָט פון צבָאות וואָס רוט אויף באַרג ציון. 19 און אַז זיי וועלן זאָגן צו אַייך: פרעגט ביי די גייסטער און ביי די רוחות וואָס פּיפּסן און וואָס מורמלען, [זאָלט איר זאָגן:] דאַרף ניט אַ פאָלק פרעגן ביי זיין גאָט? [צו וואָס פרעגן] פאַר די לעבעדיקע ביי די טויטע 20 לערנונג און וואָרעניש? פאַרוואָר, זיי וועלן זאָגן אַזוי ווי דאָסדאָזיקע וואָרט וואָס האָט ניט קיין זין.
21 און דורכגיין וועט דורך דאַנען
אַ געדריקטער און אַ הונגעריקער;
און עס וועט זיין,
אַז ער וועט הונגערן, וועט ער צערענען,
און וועט שילטן זיין מלך און זיין גאָט;
און ער וועט זיך קערן צו דער הייך,
22 און וועט קוקן צו דער ערד,
ערשט נויט און פינצטערניש,
אַנגסטיקע טונקלעניש, און חושכניש אויסגעשפּרייט.
23 וואָרום ניטאָ קיין מיד ווערן ביי דעם וואָס דריקט זי;
אַצונד האָט דער ערשטער לייכט אָנגערירט,
לאַנד זבולון און לאַנד נפתּלי,
אָבער דער לעצטער וועט אָנפאַלן שווער
אויפן וועג פון ים, פון יענער זייט יַרדן,
אין דער געגנט פון די פעלקער.

ט 1 דאָס פאָלק וואָס איז געגאַנגען אין פינצטערניש,
האָט דערזען אַ גרויס ליכטיקייט;
די וואָס זיינען געזעסן אין לאַנד פון טויטשאָטן,

[א] זע ז, 14.   [ב] עִמָּנוּ אֵל.

ב אוֹר נָגַהּ עֲלֵיהֶם׃ הִרְבִּיתָ הַגּוֹי לֹא הִגְדַּלְתָּ הַשִּׂמְחָה
שָׂמְחוּ לְפָנֶיךָ כְּשִׂמְחַת בַּקָּצִיר כַּאֲשֶׁר יָגִילוּ בְּחַלְּקָם שָׁלָל׃
ג כִּי ׀ אֶת־עֹל סֻבֳּלוֹ וְאֵת מַטֵּה שִׁכְמוֹ שֵׁבֶט הַנֹּגֵשׂ בּוֹ הַחִתֹּתָ
ד כְּיוֹם מִדְיָן׃ כִּי כָל־סְאוֹן סֹאֵן בְּרַעַשׁ וְשִׂמְלָה מְגוֹלָלָה
ה בְדָמִים וְהָיְתָה לִשְׂרֵפָה מַאֲכֹלֶת אֵשׁ׃ כִּי־יֶלֶד יֻלַּד־לָנוּ
בֵּן נִתַּן־לָנוּ וַתְּהִי הַמִּשְׂרָה עַל־שִׁכְמוֹ וַיִּקְרָא שְׁמוֹ פֶּלֶא
ו יוֹעֵץ אֵל גִּבּוֹר אֲבִי־עַד שַׂר־שָׁלוֹם׃ לְםַרְבֵּה הַמִּשְׂרָה
וּלְשָׁלוֹם אֵין־קֵץ עַל־כִּסֵּא דָוִד וְעַל־מַמְלַכְתּוֹ לְהָכִין אֹתָהּ
וּלְסַעֲדָהּ בְּמִשְׁפָּט וּבִצְדָקָה מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָם קִנְאַת יְהוָה
ז צְבָאוֹת תַּעֲשֶׂה־זֹּאת׃ דָּבָר שָׁלַח אֲדֹנָי בְּיַעֲקֹב
ח וְנָפַל בְּיִשְׂרָאֵל׃ וְיָדְעוּ הָעָם כֻּלּוֹ אֶפְרַיִם וְיוֹשֵׁב שֹׁמְרוֹן
ט בְּגַאֲוָה וּבְגֹדֶל לֵבָב לֵאמֹר׃ לְבֵנִים נָפָלוּ וְגָזִית נִבְנֶה
י שִׁקְמִים גֻּדָּעוּ וַאֲרָזִים נַחֲלִיף׃ וַיְשַׂגֵּב יְהוָה אֶת־צָרֵי רְצִין
יא עָלָיו וְאֶת־אֹיְבָיו יְסַכְסֵךְ׃ אֲרָם מִקֶּדֶם וּפְלִשְׁתִּים מֵאָחוֹר
וַיֹּאכְלוּ אֶת־יִשְׂרָאֵל בְּכָל־פֶּה בְּכָל־זֹאת לֹא־שָׁב אַפּוֹ וְעוֹד
יב יָדוֹ נְטוּיָה׃ וְהָעָם לֹא־שָׁב עַד־הַמַּכֵּהוּ וְאֶת־יְהוָה צְבָאוֹת
יג לֹא דָרָשׁוּ׃ וַיַּכְרֵת יְהוָה מִיִּשְׂרָאֵל רֹאשׁ וְזָנָב כִּפָּה
יד וְאַגְמוֹן יוֹם אֶחָד׃ זָקֵן וּנְשׂוּא־פָנִים הוּא הָרֹאשׁ וְנָבִיא
טו מוֹרֶה־שֶּׁקֶר הוּא הַזָּנָב׃ וַיִּהְיוּ מְאַשְּׁרֵי הָעָם־הַזֶּה מַתְעִים
טז וּמְאֻשָּׁרָיו מְבֻלָּעִים׃ עַל־כֵּן עַל־בַּחוּרָיו לֹא־יִשְׂמַח ׀ אֲדֹנָי
וְאֶת־יְתֹמָיו וְאֶת־אַלְמְנֹתָיו לֹא יְרַחֵם כִּי כֻלּוֹ חָנֵף וּמֵרַע
וְכָל־פֶּה דֹּבֵר נְבָלָה בְּכָל־זֹאת לֹא־שָׁב אַפּוֹ וְעוֹד יָדוֹ
יז נְטוּיָה׃ כִּי־בָעֲרָה כָאֵשׁ רִשְׁעָה שָׁמִיר וָשַׁיִת תֹּאכֵל וַתִּצַּת
יח בְּסִבְכֵי הַיַּעַר וַיִּתְאַבְּכוּ גֵּאוּת עָשָׁן׃ בְּעֶבְרַת יְהוָה
צְבָאוֹת נֶעְתַּם אָרֶץ וַיְהִי הָעָם כְּמַאֲכֹלֶת אֵשׁ אִישׁ אֶל־
יט אָחִיו לֹא יַחְמֹלוּ׃ וַיִּגְזֹר עַל־יָמִין וְרָעֵב וַיֹּאכַל עַל־שְׂמֹאול
כ וְלֹא שָׂבֵעוּ אִישׁ בְּשַׂר־זְרֹעוֹ יֹאכֵלוּ׃ מְנַשֶּׁה אֶת־אֶפְרַיִם

ב׳ ס׳ קי׳ ו׳ ם סתומה באמצע תיבה ס״כ ט׳ קמץ בטרחא קמץ בז״ק

אויף זיי האָט אַ ליכטיקייט געשיינט.
3 האָסט געמערט דאָס פאָלק,
האָסט געגרייסט זיין פרייד;
זיי פרייען זיך פאַר דיר, ווי די פרייד ביים שניט,
ווי מען קוועלט ווען מע טיילט זיך מיט רויב.
3 וואָרום דעם יאָך פון זיין לאַסט,
און דעם שטאַנג פון זיין נאַקן,
די רוט פון זיין דריקער,
האָסטו צעבראָכן ווי אין טאָג פון מִדיָן.
4 וואָרום יעטוועדער שוך וואָס האָט געשאַרט[א] מיט רעש,
און יעטוועדער מאַנטל געוועלגערט אין בלוט,
וועט זיין צו בראַנד,
אַ שפּייז פאַרן פייער.
5 וואָרום אַ קינד איז אונדז געבאָרן געוואָרן,
אַ זון איז אונדז געגעבן געוואָרן,
און די הערשאַפט איז אויף זיין אַקסל;
און מע רופט זיין נאָמען:
פֶּלֶא־יוֹעֵץ־אֵל־גִּבּוֹר
אֲבִי־עַד־שַׂר־שָׁלוֹם[ב];
6 צו מערן די הערשאַפט,
און צו שלום אָן שיעור,
אויף דעם טראָן פון דוד,
און אויף זיין מלוכה;
זי צו פעסטיקן און זי אונטערצושטיצן
מיט רעכט און גערעכטיקייט,
פון אַצונד און ביז אייביק;
דאָס אָננעמען זיך פון גאָט פון צבָאוֹת טוט דאָסדאָזיקע.

7 גאָט האָט אַ וואָרט געשיקט אין יעקב,
און עס איז געפאַלן אין ישׂראל.
8 און וויסן וועט דאָס גאַנצע פאָלק,
אפרים און דער באַוווינער פון שומרון,
וואָס זאָגט מיט גאווה און מיט גַדלות פון האַרצן:
9 ציגל זיינען אַיינגעפאַלן,
און געהאַקטע שטיינער וועלן מיר בויען;
ווילדע פייגנביימער זיינען אָפּגעהאַקט געוואָרן,

און מיט צעדערן וועלן מיר זיי פאַרבייטן.
10 דרום דערהייבט גאָט די פיינט פון רצין אויף אים,
און זיינע שׂונאים וועט ער אָנרייצן;
11 אַרָם פון פאָרנט, און פלִשתּים פון הינטן;
און זיי עסן ישׂראל מיטן גאַנצן מויל.
ביי אַלעם דעם איז ניט אָפּגעגאַנגען זיין כּעס,
און זיין האַנט איז נאָך אויסגעשטרעקט.
12 אָבער דאָס פאָלק קערט זיך ניט צו זיין שלעגער,
און גאָט פון צבָאוֹת זוכן זיי ניט.
13 און גאָט פאַרשניידט פון ישׂראל קאָפּ און עק,
טייטלצווייג און טייכריטל, אין איין טאָג.
14 דער זקן און דער אָנגעזעענער, דאָס איז דער קאָפּ,
און דער נביא וואָס לערנט ליגן, דאָס איז דער עק.
15 און די פירער פון דעם דאָזיקן פאָלק זיינען
פאַרפירער,
און זייערע געפירטע זיינען צעמישט.
16 דרום פרייט זיך ניט גאָט מיט זיינע יונגע לייט,
און זיינע יתוֹמים און אַלמנות דערבאַרימט ער ניט;
וואָרום איטלעכער איז זינדיק און טוט שלעכטס,
און איטלעך מויל רעדט שענדלעכקייט.
ביי אַלעם דעם איז ניט אָפּגעגאַנגען זיין כּעס,
און זיין האַנט איז נאָך אויסגעשטרעקט.

17 וואָרום די שלעכטיקייט ברענט ווי אַ פייער,
זי פאַרצערט דערנער און ווילדגעוועקס,
און צינדט די געצווייגן פון וואַלד,
ביז זיי קנוילן זיך אין זיילן פון רויך.
18 דורך דעם צאָרן פון גאָט פון צבָאוֹת
איז צעפלאַקערט דאָס לאַנד,
און דאָס פאָלק איז ווי שפּייז פאַרן פייער;
זיי דערבאַרימען זיך ניט קיינער אויף זיין ברודער,
19 און מע רייסט רעכטס, און בלייבט הונגעריק,
און מע עסט לינקס, און ווערט ניט זאַט;
זיי עסן איטלעכער דאָס פלייש פון זיין אָרעם:
20 מנשה אפרימען, און אפרים מנשהן,

[א] וואָרטשפּיל: סְאוֹן סאַן. [ב] ווונדער טוט באַראָטן גאָט דער מאַכטיקער, דער אייביקער פּאָטער, דער האַר פון פריד.

זיי אין אײנעם אויף יהודה.
בײ אַלעם דעם איז ניט אָפּגעגאַנגען זײן כּעס,
און זײן האַנט איז נאָך אויסגעשטרעקט.

י
¹ ווײ, די וואָס קריצן געזעצן פון אומגליק,
און שרײבער וואָס האָבן אומרעכט געשריבן,
² כּדי אָפּצונײגן פון משפּט די באַדערפטיקע,
און גזלען דאָס רעכט פון די אָרימע פון מײן פאָלק;
כּדי אַלמנות זאָלן זײן זײער רויב,
און יתומים זאָלן זײ באַראַבעווען!
³ און וואָס וועט איר טאָן אין טאָג פון רעכנשאַפט,
און אין דער פאַרוויסטונג וואָס קומט פון דער ווײט?
צו וועמען וועט איר לויפן נאָך הילף?
און ווו וועט איר איבערלאָזן אײַער רײַכטום?
⁴ ניט אַנדערש ווי קניען אונטער געפאַנגענע,
און אונטער הרוגים צו פאַלן.
בײ אַלעם דעם איז ניט אָפּגעגאַנגען זײן כּעס,
און זײן האַנט איז נאָך אויסגעשטרעקט.

⁵ ווײ, אַשור, די רוט פון מײן צאָרן,
וואָס מײן כּעס איז אַ שטעקן אין זײער האַנט!
⁶ אויף אַ זינדיקן פאָלק טו איך אים שיקן,
און אויף דער אומה פון מײן צאָרן טו איך אים באַפעלן,
צו רויבן זאַקרויב, און צו ראַבעווען רויב,
און זי מאַכן צו טרעטן ווי קויט פון די גאַסן.
⁷ אָבער ניט אַזוי מײנט ער,
און ניט אַזוי טראַכט זײן האַרץ,
נײערט צו פאַרטיליקן איז אין זײן האַרצן,
און צו פאַרשנײדן פעלקער ניט ווינציק.
⁸ וואָרום ער זאָגט:
זײנען ניט מײנע האַרן מלכים אַלע?
⁹ איז ניט ווי כּרכּמיש כּלנו?
צי איז ניט ווי אַרפּד חמָת?
צי איז ניט ווי דַמֶשֶׂק שומרון?
¹⁰ אַזוי ווי מײן האַנט האָט דערגרײכט
די קיניגרײכן פון די אָפּגעטער,
וואָס זײערע געצן זײנען מער געווען
ווי פון ירושָלַיִם און פון שומרון—
¹¹ פאַרוואָר, אַזוי ווי איך האָב געטאָן צו שומרון

וְאֶפְרַיִם אֶת־מְנַשֶּׁה יַחְדָּו הֵמָּה עַל־יְהוּדָה בְּכָל־זֹאת לֹא־
שָׁב אַפּוֹ וְעוֹד יָדוֹ נְטוּיָה׃

י

א ב הוֹי הַחֹקְקִים חִקְקֵי־אָוֶן וּמְכַתְּבִים עָמָל כִּתֵּבוּ׃ לְהַטּוֹת
מִדִּין דַּלִּים וְלִגְזֹל מִשְׁפַּט עֲנִיֵּי עַמִּי לִהְיוֹת אַלְמָנוֹת
ג שְׁלָלָם וְאֶת־יְתוֹמִים יָבֹזּוּ׃ וּמַה־תַּעֲשׂוּ לְיוֹם פְּקֻדָּה וּלְשׁוֹאָה
מִמֶּרְחָק תָּבוֹא עַל־מִי תָּנוּסוּ לְעֶזְרָה וְאָנָה תַעַזְבוּ כְּבוֹדְכֶם׃
ד בִּלְתִּי כָרַע תַּחַת אַסִּיר וְתַחַת הֲרוּגִים יִפֹּלוּ בְּכָל־זֹאת
ה לֹא־שָׁב אַפּוֹ וְעוֹד יָדוֹ נְטוּיָה׃ הוֹי אַשּׁוּר שֵׁבֶט
ו אַפִּי וּמַטֶּה־הוּא בְיָדָם זַעְמִי׃ בְּגוֹי חָנֵף אֲשַׁלְּחֶנּוּ וְעַל־עַם
עֶבְרָתִי אֲצַוֶּנּוּ לִשְׁלֹל שָׁלָל וְלָבֹז בַּז וּלְשִׂימוֹ מִרְמָס כְּחֹמֶר
ז חוּצוֹת׃ וְהוּא לֹא־כֵן יְדַמֶּה וּלְבָבוֹ לֹא־כֵן יַחְשֹׁב כִּי
ח לְהַשְׁמִיד בִּלְבָבוֹ וּלְהַכְרִית גּוֹיִם לֹא מְעָט׃ כִּי יֹאמַר
ט הֲלֹא שָׂרַי יַחְדָּו מְלָכִים׃ הֲלֹא כְּכַרְכְּמִישׁ כַּלְנוֹ אִם־לֹא
י כְאַרְפַּד חֲמָת אִם־לֹא כְדַמֶּשֶׂק שֹׁמְרוֹן׃ כַּאֲשֶׁר מָצְאָה
יָדִי לְמַמְלְכֹת הָאֱלִיל וּפְסִילֵיהֶם מִירוּשָׁלִַם וּמִשֹּׁמְרוֹן׃
יא הֲלֹא כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתִי לְשֹׁמְרוֹן וְלֶאֱלִילֶיהָ כֵּן אֶעֱשֶׂה לִירוּשָׁלִַם
יב וְלַעֲצַבֶּיהָ׃ וְהָיָה כִּי־יְבַצַּע אֲדֹנָי אֶת־כָּל־מַעֲשֵׂהוּ
בְּהַר צִיּוֹן וּבִירוּשָׁלִָם אֶפְקֹד עַל־פְּרִי־גֹדֶל לְבַב מֶלֶךְ־
יג אַשּׁוּר וְעַל־תִּפְאֶרֶת רוּם עֵינָיו׃ כִּי אָמַר בְּכֹחַ יָדִי עָשִׂיתִי
וּבְחָכְמָתִי כִּי נְבֻנוֹתִי וְאָסִיר׀ גְּבוּלֹת עַמִּים וַעֲתִידֹתֵיהֶם
יד שׁוֹשֵׂתִי וְאוֹרִיד כַּאבִּיר יוֹשְׁבִים׃ וַתִּמְצָא כַקֵּן׀ יָדִי לְחֵיל
הָעַמִּים וְכֶאֱסֹף בֵּיצִים עֲזֻבוֹת כָּל־הָאָרֶץ אֲנִי אָסָפְתִּי וְלֹא
טו הָיָה נֹדֵד כָּנָף וּפֹצֶה פֶה וּמְצַפְצֵף׃ הֲיִתְפָּאֵר הַגַּרְזֶן עַל
הַחֹצֵב בּוֹ אִם־יִתְגַּדֵּל הַמַּשּׂוֹר עַל־מְנִיפוֹ כְּהָנִיף שֵׁבֶט
טז אֶת־מְרִימָיו כְּהָרִים מַטֶּה לֹא־עֵץ׃ לָכֵן יְשַׁלַּח הָאָדוֹן
יְהוָה צְבָאוֹת בְּמִשְׁמַנָּיו רָזוֹן וְתַחַת כְּבֹדוֹ יֵקַד יְקֹד כִּיקוֹד

---

י, ו׳ ולשומו ק   יג׳ ועתודתיהם קי   כביר קי   טו׳ בס״א ואת

און צו אירע אָפּגעטער,
אַזוי וועל איך טאָן צו ירושָלַיִם
און צו אירע געצנבילדער.

¹² אָבער עס וועט זײן, אַז גאָט וועט ענדיקן אַל זײן ווערק אויף באַרג ציון און אויף ירושָלַיִם, וועל איך זיך רעכענען פאַר דער פרוכט פון דעם שטאָלצן האַרצן פון דעם מלך פון אַשור, און פאַר דער רימערײ פון זײנע האָפערדיקע אויגן.
¹³ וואָרום ער האָט געזאָגט:

מיטן כּוח פון מײן האַנט האָב איך אויפגעטאָן,
און מיט מײן חכמה, ווײל איך בין פאַרשטאַנדיק;
און איך טו אָפּ די געמאַרקן פון פעלקער,
און זײערע שאַצן האָב איך צערויבט,
און מאַכטיק טו איך נידערן די באַוווינער.
¹⁴ און מײן האַנט האָט געפונען ווי אַ נעסט
דעם פאַרמעג פון די פעלקער,
און ווי מע קלײבט אויף אײער פאַרלאָזענע,
האָב איך די גאַנצע ערד אויפגעקליבן;
און ניט געווען ווער זאָל אַ פליגל רירן,
אָדער עפענען אַ מויל און אַ פּיפּס טאָןא.
¹⁵ קען די האַק זיך רימען קעגן דעם וואָס האַקט מיט איר?
קען די זעג זיך גרײסן קעגן דעם וואָס ציט זי?
ווי אַ רוט זאָל פאָכן מיט אירע אויפהײבער,
ווי אַ שטעקן זאָל אויפהײבן דעם וואָס ניט האָלץ!
¹⁶ דרום וועט דער האַר, גאָט פון צבָאות
אָנשיקן אַ דער אויף זײן פעטקײט;
און אונטער זײן פּראַכט וועט זיך צעברענען אַ בראַנד,
ווי די בראַנד פון אַ פײער.

א וואָרטשפּיל: וּפֹצֶה פֶּה וּמְצַפְצֵף.

יז אֵשׁ׃ וְהָיָה אוֹר־יִשְׂרָאֵל לְאֵשׁ וּקְדוֹשׁוֹ לְלֶהָבָה וּבָעֲרָה
יח וְאָכְלָה שִׁיתוֹ וּשְׁמִירוֹ בְּיוֹם אֶחָד׃ וּכְבוֹד יַעְרוֹ וְכַרְמִלּוֹ
יט מִנֶּפֶשׁ וְעַד־בָּשָׂר יְכַלֶּה וְהָיָה כִּמְסֹס נֹסֵס׃ וּשְׁאָר עֵץ
כ יַעְרוֹ מִסְפָּר יִהְיוּ וְנַעַר יִכְתְּבֵם׃ וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא
לֹא־יוֹסִיף עוֹד שְׁאָר יִשְׂרָאֵל וּפְלֵיטַת בֵּית־יַעֲקֹב לְהִשָּׁעֵן
כא עַל־מַכֵּהוּ וְנִשְׁעַן עַל־יְהוָה קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל בֶּאֱמֶת׃ שְׁאָר
כב יָשׁוּב שְׁאָר יַעֲקֹב אֶל־אֵל גִּבּוֹר׃ כִּי אִם־יִהְיֶה עַמְּךָ
יִשְׂרָאֵל כְּחוֹל הַיָּם שְׁאָר יָשׁוּב בּוֹ כִּלָּיוֹן חָרוּץ שׁוֹטֵף
כג צְדָקָה׃ כִּי כָלָה וְנֶחֱרָצָה אֲדֹנָי יֱהֹוִה צְבָאוֹת עֹשֶׂה
כד בְּקֶרֶב כָּל־הָאָרֶץ׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה
צְבָאוֹת אַל־תִּירָא עַמִּי יֹשֵׁב צִיּוֹן מֵאַשּׁוּר בַּשֵּׁבֶט יַכֶּכָּה
כה וּמַטֵּהוּ יִשָּׂא־עָלֶיךָ בְּדֶרֶךְ מִצְרָיִם׃ כִּי־עוֹד מְעַט
כו מִזְעָר וְכָלָה זַעַם וְאַפִּי עַל־תַּבְלִיתָם׃ וְעוֹרֵר עָלָיו יְהוָה
צְבָאוֹת שׁוֹט כְּמַכַּת מִדְיָן בְּצוּר עוֹרֵב וּמַטֵּהוּ עַל־הַיָּם
כז וּנְשָׂאוֹ בְּדֶרֶךְ מִצְרָיִם׃ וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא יָסוּר סֻבֳּלוֹ
מֵעַל שִׁכְמֶךָ וְעֻלּוֹ מֵעַל צַוָּארֶךָ וְחֻבַּל עֹל מִפְּנֵי־שָׁמֶן׃
כח כט בָּא עַל־עַיַּת עָבַר בְּמִגְרוֹן לְמִכְמָשׂ יַפְקִיד כֵּלָיו׃ עָבְרוּ
מַעְבָּרָה גֶּבַע מָלוֹן לָנוּ חָרְדָה הָרָמָה גִּבְעַת שָׁאוּל נָסָה׃
ל לא צַהֲלִי קוֹלֵךְ בַּת־גַּלִּים הַקְשִׁיבִי לַיְשָׁה עֲנִיָּה עֲנָתוֹת׃ נָדְדָה
לב מַדְמֵנָה יֹשְׁבֵי הַגֵּבִים הֵעִיזוּ׃ עוֹד הַיּוֹם בְּנֹב לַעֲמֹד
לג יְנֹפֵף יָדוֹ הַר בֵּית־צִיּוֹן גִּבְעַת יְרוּשָׁלִָם׃ הִנֵּה הָאָדוֹן
יְהוָה צְבָאוֹת מְסָעֵף פֻּארָה בְּמַעֲרָצָה וְרָמֵי הַקּוֹמָה גְּדוּעִים
לד וְהַגְּבֹהִים יִשְׁפָּלוּ׃ וְנִקַּף סִבְכֵי הַיַּעַר בַּבַּרְזֶל וְהַלְּבָנוֹן
בְּאַדִּיר יִפּוֹל׃

## יא

א ב וְיָצָא חֹטֶר מִגֵּזַע יִשָׁי וְנֵצֶר מִשָּׁרָשָׁיו יִפְרֶה׃ וְנָחָה עָלָיו
רוּחַ יְהוָה רוּחַ חָכְמָה וּבִינָה רוּחַ עֵצָה וּגְבוּרָה רוּחַ דַּעַת

י, כג׳ בס״א אין מלה כל    לב׳ הפטרת יום שמיני של פסח    בת קרי

17 און דאָס ליכט פון ישׂראל וועט זיין אַ פייער,
און זיין הייליקער אַ פלאַם,
און זי וועט ברענען און פאַרצערן זיינע דערנער
און זיין ווילדגעוועקס אין איין טאָג.
18 און די פּראַכט פון זיין וואַלד און זיין פרוכטגאָרטן
וועט ער לייב און זעל פאַרלענדן;
און עס וועט זיין ווי דאָס אויסגיין פון אַ גוססא.
19 און דער רעשט ביימער פון זיין וואַלד וועלן זיין
גצייילטע,
און אַ ייִנגל וועט זיי קענען אויפשרייבן.

20 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועט דער איבערבלייב פון ישׂראל,
און די אַנטרונענע פון הויז פון יעקב,
זיך מער ניט אָנלענען אויף זייער שלעגער,
נאָר זיך אָנלענען מיט אמת
אויף יהוה, דעם הייליקן פון ישׂראל.
21 אַן איבערבלייב וועט זיך אומקערן,
אַן איבערבלייב פון יעקב, צו גאָט דעם מאַכטיקן.
22 וואָרום אויב דיין פאָלק, ישׂראל, זאָל זיין ווי זאַמד פון ים,
וועט נאָר אַן איבערבלייב פון אים זיך אומקערן;
אַ פאַרלענדונג איז נגזר געוואָרן,
זי פלייצט מיט גערעכטיקייט.
23 וואָרום אַ פאַרלענדעניש און אַ גזר
מאַכט דער האַר, גאָט פון צבָאות, אין גאַנצן לאַנד.

24 פאַרוואָר, אַזוי האָט געזאָגט דער האַר, גאָט פון צבָאות:
זאָלסט ניט מורא האָבן, מיין פאָלק,
באַוווינער פון צִיון,
פאַר אַשור וואָס שלאָגט דיך מיט דער רוט,
און הייבט זיין שטעקן אויף דיר, אויפן שטייגער פון
מִצרַיִם.
25 וואָרום נאָך אַ קליין וויַיל, און דער כעס וועט זיך ענדיקן,
און מיין צאָרן וועט זיין צו זייער פאַרטיליקונג.
26 און גאָט פון צבָאות וועט דערוועקן אויף אים אַ רוט,
אַזוי ווי אין דעם שלאַק פון מִדיָן אין צור־עוֹרֵב,
און ווי זיין שטעקן איבערן ים;
און ער וועט זי אויפהייבן אויפן שטייגער פון מִצרַיִם.
27 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועט אָפּגעטאָן ווערן זיין לאַסט פון דיין רוקן,
און זיין יאָך פון דיין האַלדז,
און דער יאָך וועט צעבראָכן ווערן פונעם פעטס.

28 ער איז געקומען אויף עַיָת,
ער איז דורכגעגאַנגען מִגרוֹן,
אין מִכמָשׂ לאָזט ער איבער זיין געפּעק;
29 זיי זיינען אַריבער דעם איבערפאָר,
אין גֶבַע האָבן זיי נאַכטלעג געהאַלטן.
רָמָה טוט ציטערן,
גִבעַת־שָאול איז אַנטלאָפן.
30 שריי אויפן קָול, טאָכטער גַלים!
האָרך, לַיִשׁ! אָרימע עֲנָתותב!
31 מַדמֵנָה וואָגלטי,
די וווינער פון גֵבים אַנטרינען.
32 נאָך היינט וועט ער זיך אָפּשטעלן אין נוֹב;
ער פאָכט זיין האַנט אויפן באַרג פון טאָכטער צִיון,
אויף דעם הויכן אָרט פון ירושָלַיִם.

33 זע, דער האַר, גאָט פון צבָאות,
ברעכט אָפּ די צווייגן מיט מוראדיקייט,
און די הויכגעוואַקסענע ווערן אָפּגעשניטן,
און די דערהויבענע וועלן דערנידערט ווערן.
34 און ער וועט אָפּהאַקן די געצווייגן פון וואַלד מיט אַן אייזן,
און דער לבָנון וועט דורך אַ מאַכטיקן פאַלן.

## יא

1 און אַ ריטל וועט אַרויס פון דעם שטאַם פון יִשַי,
און אַ צווייג פון זיינע וואָרצלען וועט שפּראָצן.
2 און רוען וועט אויף אים דער גייסט פון גאָט,
דער גייסט פון חכמה און פאַרשטאַנדיקייט,
דער גייסט פון עצה און גבורה,
דער גייסט פון דערקענונג און גאָטספאָרכטיקייט.

א ווארטשפיל: כִּמְסֹס נֹסֵס.    ב ווארטשפיל: עֲנִיָּה עֲנָתוֹת.    י ווארטשפיל: נָדְדָה מַדְמֵנָה.

ג וְיִרְאַת יְהוָה׃ וַהֲרִיחוֹ בְּיִרְאַת יְהוָה וְלֹא־לְמַרְאֵה עֵינָיו
ד יִשְׁפּוֹט וְלֹא־לְמִשְׁמַע אָזְנָיו יוֹכִיחַ׃ וְשָׁפַט בְּצֶדֶק דַּלִּים
וְהוֹכִיחַ בְּמִישׁוֹר לְעַנְוֵי־אָרֶץ וְהִכָּה־אֶרֶץ בְּשֵׁבֶט פִּיו וּבְרוּחַ
ה שְׂפָתָיו יָמִית רָשָׁע׃ וְהָיָה צֶדֶק אֵזוֹר מָתְנָיו וְהָאֱמוּנָה
ו אֵזוֹר חֲלָצָיו׃ וְגָר זְאֵב עִם־כֶּבֶשׂ וְנָמֵר עִם־גְּדִי יִרְבָּץ וְעֵגֶל
ז וּכְפִיר וּמְרִיא יַחְדָּו וְנַעַר קָטֹן נֹהֵג בָּם׃ וּפָרָה וָדֹב תִּרְעֶינָה
ח יַחְדָּו יִרְבְּצוּ יַלְדֵיהֶן וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל־תֶּבֶן׃ וְשִׁעֲשַׁע
ט יוֹנֵק עַל־חֻר פָּתֶן וְעַל מְאוּרַת צִפְעוֹנִי גָּמוּל יָדוֹ הָדָה׃ לֹא־
יָרֵעוּ וְלֹא־יַשְׁחִיתוּ בְּכָל־הַר קָדְשִׁי כִּי־מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה
י אֶת־יְהוָה כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים׃ וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא
שֹׁרֶשׁ יִשַׁי אֲשֶׁר עֹמֵד לְנֵס עַמִּים אֵלָיו גּוֹיִם יִדְרֹשׁוּ וְהָיְתָה
יא מְנֻחָתוֹ כָּבוֹד׃ וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא יוֹסִיף אֲדֹנָי ׀
שֵׁנִית יָדוֹ לִקְנוֹת אֶת־שְׁאָר עַמּוֹ אֲשֶׁר־יִשָּׁאֵר מֵאַשּׁוּר
וּמִמִּצְרַיִם וּמִפַּתְרוֹס וּמִכּוּשׁ וּמֵעֵילָם וּמִשִּׁנְעָר וּמֵחֲמָת
יב וּמֵאִיֵּי הַיָּם׃ וְנָשָׂא נֵס לַגּוֹיִם וְאָסַף נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל וּנְפֻצוֹת
יג יְהוּדָה יְקַבֵּץ מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ׃ וְסָרָה קִנְאַת אֶפְרַיִם
וְצֹרְרֵי יְהוּדָה יִכָּרֵתוּ אֶפְרַיִם לֹא־יְקַנֵּא אֶת־יְהוּדָה וִיהוּדָה
יד לֹא־יָצֹר אֶת־אֶפְרָיִם׃ וְעָפוּ בְכָתֵף פְּלִשְׁתִּים יָמָּה יַחְדָּו
יָבֹזּוּ אֶת־בְּנֵי־קֶדֶם אֱדוֹם וּמוֹאָב מִשְׁלוֹחַ יָדָם וּבְנֵי עַמּוֹן
טו מִשְׁמַעְתָּם׃ וְהֶחֱרִים יְהוָה אֵת לְשׁוֹן יָם־מִצְרַיִם וְהֵנִיף
יָדוֹ עַל־הַנָּהָר בַּעְיָם רוּחוֹ וְהִכָּהוּ לְשִׁבְעָה נְחָלִים וְהִדְרִיךְ
טז בַּנְּעָלִים׃ וְהָיְתָה מְסִלָּה לִשְׁאָר עַמּוֹ אֲשֶׁר יִשָּׁאֵר מֵאַשּׁוּר
כַּאֲשֶׁר הָיְתָה לְיִשְׂרָאֵל בְּיוֹם עֲלֹתוֹ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃

יב

א וְאָמַרְתָּ בַּיּוֹם הַהוּא אוֹדְךָ יְהוָה כִּי אָנַפְתָּ בִּי יָשֹׁב אַפְּךָ
ב וּתְנַחֲמֵנִי׃ הִנֵּה אֵל יְשׁוּעָתִי אֶבְטַח וְלֹא אֶפְחָד כִּי עָזִּי
ג וְזִמְרָת יָהּ יְהוָה וַיְהִי־לִי לִישׁוּעָה׃ וּשְׁאַבְתֶּם־מַיִם
ד בְּשָׂשׂוֹן מִמַּעַיְנֵי הַיְשׁוּעָה׃ וַאֲמַרְתֶּם בַּיּוֹם הַהוּא הוֹדוּ

3 און זיין קוויקונג וועט זיין אין גאָטספאָרכטיקייט;
און ניט נאָך דער זעאונג פון זיינע אויגן וועט ער משפטן,
און ניט נאָך דער הערונג פון זיינע אויערן וועט ער
אַנטשיידן;
4 נאָר ער וועט משפטן מיט גערעכטיקייט די אָרימע,
און אַנטשיידן מיט יושר פאַר די געדריקטע פון לאַנד;
און ער וועט שלאָגן דאָס לאַנד מיט דער רוט פון זיין מויל,
און מיטן אָטעם פון זיינע ליפּן וועט ער טייטן דעם רשע.
5 און גערעכטיקייט וועט זיין דער אָנגורט פון זיינע לענדן,
און טרייּשאַפט דער גאַרטל פון זיינע דיכן.
6 און אַ וואָלף וועט הויזן מיט אַ שעפּס,
און אַ לעמפּערט מיט אַ ציקעלע וועט הויערן,
און אַ קאַלב און אַ יונגלייב און אַ פעט רינד באַנאַנד;
און אַ קליין ייִנגל וועט זיי פירן.
7 און אַ קו מיט אַ בער וועלן זיך פיטערן,
באַנאַנד וועלן הויערן זייערע יונגע;
און אַ לייב וועט ווי אַ רינד עסן שטרוי.
8 און אַ זויגעדיקער וועט זיך שפּילן
אויפן לאָך פון אַ שלאַנג,
און אויף דער נאָרע פון אַ נאָטער
וועט אַן אַנטוווינטער זיין האַנט לייגן.
9 זיי וועלן ניט בייז טאָן און ניט פאַרדאַרבן
אויף מיין גאַנצן הייליקן באַרג;
וואָרום די ערד וועט זיין פול מיט דערקענונג פון גאָט,
ווי די וואַסערן באַדעקן דעם ים.

10 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג:
דער וואָרצל פון ייִשַׁי, וואָס שטייט פאַר אַ פאָן פון די
פעלקער—
צו אים וועלן די אומות זיך ווענדן,
און זיין רואונג וועט זיין אַ פּראַכטיקייט.

11 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועט גאָט ווידער אויסשטרעקן זיין האַנט, אַ צווייט מאָל,
אויסצוקויפן דעם איבערבלייב פון זיין פאָלק,
וואָס וועט בלייבן פון אַשורא, און פון מִצרַיִם,
און פון פַּתרוֹס, און פון כּוּש, און פון עֵילָם,
און פון שִׁנעָר, און פון חֲמָת, און פון די אינדזלען פון ים.
12 און ער וועט אויפהייבן אַ פאָן צו די פעלקער,
און וועט איינזאַמלען די פאַרשטויסענע פון ישׂראל,
און די צעשפּרייטע פון יהודה וועט ער אויפקלייבן
פון די פיר עקן פון דער ערד.
13 און אָפּגעטאָן וועט ווערן די קנאה פון אפרים,
און די פיינט פון יהודה וועלן פאַרשניטן ווערן;
אפרים וועט ניט מקנא זיין יהודה,
און יהודה וועט ניט פיינטן אפרים.
14 און זיי וועלן אָנפליען באַנאַנד אויף די פּלִשתּים צו מערב,
אין איינעם וועלן זיי רויבן די קינדער פון מזרח,
אויף אֶדוֹם און מוֹאָב וועלן זיי שטרעקן זייער האַנט,
און די קינדער פון עַמוֹן וועלן געהאָרכן צו זיי.
15 און גאָט וועט פאַרוויסטן די צונג פון דעם ים פון מִצרַיִם;
און ער וועט פאָכן זיין האַנט אויפן טייךב מיט זיין הייסן
ווינט,
און וועט אים צעשלאָגן אויף זיבן בעכן,
און מאַכן מיט שיך אַריבערצושפּרייזן.

16 און אַ וועג וועט זיין פאַר דעם איבערבלייב פון זיין
פאָלק,
וואָס וועט בלייבן פון אַשורא,
אַזוי ווי עס איז געווען פאַר ישׂראל
אין טאָג פון זיין אַרויפגיין פון לאַנד מִצרַיִם.

יב 1 און וועסט זאָגן אין יענעם טאָג:
איך דאַנק דיר, גאָט,
הגם דו האָסט געצערנט אויף מיר;
אָפּגעגאַנגען איז דיין כּעס,
און דו האָסט מיך געטרייסט.
2 זע, גאָט איז מיין ישועה;
איך בין זיכער און אַנגסט ניט,
וואָרום מיין שטאַרקייט און געזאַנג איז יָה יהוה,
און ער איז מיר געווען אַ ישועה.
3 און איר וועט שעפּן וואַסער מיט שׂמחה,
פון די קוואַלן פון ישועה.
4 און אין יענעם טאָג וועט איר זאָגן:

[א] וואָרטשפּיל: אֲשֶׁר יִשָּׁאֵר מֵאַשּׁוּר. [ב] פְּרָת.

לַיהוָה קִרְאוּ בִשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילֹתָיו הַזְכִּירוּ כִּי
נִשְׂגָּב שְׁמוֹ׃ זַמְּרוּ יְהוָה כִּי גֵאוּת עָשָׂה מוּדַעַת זֹאת ה
בְּכָל־הָאָרֶץ׃ צַהֲלִי וָרֹנִּי יוֹשֶׁבֶת צִיּוֹן כִּי־גָדוֹל בְּקִרְבֵּךְ ו
קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל׃

יג

מַשָּׂא בָּבֶל אֲשֶׁר חָזָה יְשַׁעְיָהוּ בֶּן־אָמוֹץ׃ עַל הַר־נִשְׁפֶּה א ב
שְׂאוּ־נֵס הָרִימוּ קוֹל לָהֶם הָנִיפוּ יָד וְיָבֹאוּ פִּתְחֵי נְדִיבִים׃
אֲנִי צִוֵּיתִי לִמְקֻדָּשָׁי גַּם קָרָאתִי גִבּוֹרַי לְאַפִּי עַלִּיזֵי גַּאֲוָתִי׃ ג
קוֹל הָמוֹן בֶּהָרִים דְּמוּת עַם־רָב קוֹל שְׁאוֹן מַמְלְכוֹת ד
גּוֹיִם נֶאֱסָפִים יְהוָה צְבָאוֹת מְפַקֵּד צְבָא מִלְחָמָה׃
בָּאִים מֵאֶרֶץ מֶרְחָק מִקְצֵה הַשָּׁמָיִם יְהוָה וּכְלֵי זַעְמוֹ ה
לְחַבֵּל כָּל־הָאָרֶץ׃ הֵילִילוּ כִּי קָרוֹב יוֹם יְהוָה כְּשֹׁד ו
מִשַּׁדַּי יָבוֹא׃ עַל־כֵּן כָּל־יָדַיִם תִּרְפֶּינָה וְכָל־לְבַב אֱנוֹשׁ ז
יִמָּס׃ וְנִבְהָלוּ ׀ צִירִים וַחֲבָלִים יֹאחֵזוּן כַּיּוֹלֵדָה יְחִילוּן אִישׁ ח
אֶל־רֵעֵהוּ יִתְמָהוּ פְּנֵי לְהָבִים פְּנֵיהֶם׃ הִנֵּה יוֹם־יְהוָה בָּא ט
אַכְזָרִי וְעֶבְרָה וַחֲרוֹן אָף לָשׂוּם הָאָרֶץ לְשַׁמָּה וְחַטָּאֶיהָ
יַשְׁמִיד מִמֶּנָּה׃ כִּי־כוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם וּכְסִילֵיהֶם לֹא יָהֵלּוּ י
אוֹרָם חָשַׁךְ הַשֶּׁמֶשׁ בְּצֵאתוֹ וְיָרֵחַ לֹא־יַגִּיהַ אוֹרוֹ׃ וּפָקַדְתִּי יא
עַל־תֵּבֵל רָעָה וְעַל־רְשָׁעִים עֲוֺנָם וְהִשְׁבַּתִּי גְּאוֹן זֵדִים
וְגַאֲוַת עָרִיצִים אַשְׁפִּיל׃ אוֹקִיר אֱנוֹשׁ מִפָּז וְאָדָם מִכֶּתֶם יב
אוֹפִיר׃ עַל־כֵּן שָׁמַיִם אַרְגִּיז וְתִרְעַשׁ הָאָרֶץ מִמְּקוֹמָהּ יג
בְּעֶבְרַת יְהוָה צְבָאוֹת וּבְיוֹם חֲרוֹן אַפּוֹ׃ וְהָיָה כִּצְבִי יד
מֻדָּח וּכְצֹאן וְאֵין מְקַבֵּץ אִישׁ אֶל־עַמּוֹ יִפְנוּ וְאִישׁ
אֶל־אַרְצוֹ יָנוּסוּ׃ כָּל־הַנִּמְצָא יִדָּקֵר וְכָל־הַנִּסְפֶּה יִפּוֹל טו
בֶּחָרֶב׃ וְעֹלְלֵיהֶם יְרֻטְּשׁוּ לְעֵינֵיהֶם יִשַּׁסּוּ בָּתֵּיהֶם וּנְשֵׁיהֶם טז
תִּשָּׁגַלְנָה׃ הִנְנִי מֵעִיר עֲלֵיהֶם אֶת־מָדָי אֲשֶׁר־כֶּסֶף לֹא יז
יַחְשֹׁבוּ וְזָהָב לֹא יַחְפְּצוּ־בוֹ׃ וּקְשָׁתוֹת נְעָרִים תְּרַטַּשְׁנָה יח

יב, ה׳ מודעת קרי ו׳ ע״כ יג, ח׳ קמץ בז״ק טז׳ תשכבנה קרי

דאַנקט צו גאָט, רופט אויס זיין נאָמען,
לאָזט וויסן צווישן די פעלקער זיינע טואונגען,
דערציילט אַז דערהויבן איז זיין נאָמען.
5 זינגט צו גאָט וואָרום ער האָט אויפגעטאָן גרויס,
באַוווּסט זאָל דאָס זיין אויף דער גאַנצער ערד.
6 שריי אויס און זינג, באַוווינערין פון צִיוֹן,
וואָרום גרויס צווישן דיר איז דער הייליקער פון ישׂראל.

יג 1 די נבואה אויף בָּבל, וואָס ישַׁעְיָהוּ דער זון פון אָמוֹצן האָט געזען:
2 אויף אַ הויכן באַרג שטעלט אויף אַ פאָן,
הייבט אויף דעם קָול צו זיי,
פאָכט מיט דער האַנט, זיי זאָלן קומען
אין די טויערן פון פירשטן.
3 איך האָב באַפוילן מיינע געהייליקטע,
יאָ, גערופן מיינע גיבורים פאַר מיין צאָרן,
מיינע שטאָלצלוסטיקע.

4 האָרך! אַ טומל אויף די בערג,
גלייך ווי פון פאָלק אַ סך.
האָרך! אַ גערויש פון מלוכות,
פון אומות פאַרזאַמלטע.
גאָט פון צבָאוֹת באַפעלט
אַ חיל פון מלחמה.
5 זיי קומען פון אַ לאַנד אַ ווייטן,
פון עק פונעם הימל—
גאָט און די געצייג פון זיין צאָרן,
די גאַנצע ערד צו צעשטערן.

6 יאָמערט, וואָרום נאָנט איז דער טאָג פון גאָט,
ווי אַ בראָך פון אַלמאַכטיקןא וועט ער קומען.
7 דרום וועלן אַלע הענט שלאַף ווערן,
און איטלעך האַרץ פון אַ מענטשן וועט צעגיין.
8 און זיי וועלן דערשראָקן ווערן;
יסורים און ווייען וועלן זיי קריגן,
ווי אַ געווינערין וועלן זיי זיך דרייען;
איינער אויפן אַנדערן וועלן זיי גאַפן,
זייערע פנימער, פנימער פון פלאַמען.

9 זע, דער טאָג פון גאָט קומט
אומדערבאַרימדיק, מיט כעס און גרימצאָרן,
צו מאַכן די ערד פאַר אַ וויסטעניש,
און פאַרטיליקן אירע זינדיקע פון איר.
10 וואָרום די שטערן פון הימל און זיינע מַזָלות
וועלן ניט שיינען זייער ליכט:
די זון וועט זיין פינצטער אין איר אויפגאַנג,
און די לבנה וועט ניט שימערן איר ליכט.
11 און איך וועל זיך רעכענען מיט דער וועלט פאַרן בייז,
און מיט די רשעים פאַר זייער זינד;
און איך וועל פאַרשטערן דעם שטאָלץ פון די מוטווויליקע,
און די גאווה פון די מאַכטיקע וועל איך דערנידערן.
12 איך וועל מאַכן אַ מאַן זעלטענער פון גינגאָלד,
און אַ מענטשן, פון אוֹפיר־גאָלד.
13 וועגן דעם וועל איך מאַכן ציטערן די הימלען,
און די ערד וועט אויפשטורעמען פון איר אָרט,
אין דעם כעס פון גאָט פון צבָאוֹת,
און אין דעם טאָג פון זיין גרימצאָרן.

14 און עס וועט זיין: אַזוי ווי אַ הירש אַ געיאָגטער,
און אַזוי ווי שאָף אָן אַן איינזאַמלער,
וועלן זיי איטלעכער צו זיין פאָלק זיך קערן,
און איטלעכער צו זיין לאַנד וועלן זיי אַנטלויפן.
15 איטלעכער וואָס ווערט געפונען,
וועט דערשטאָכן ווערן,
און איטלעכער וואָס ווערט געכאַפּט,
וועט פאַלן דורכן שווערד.
16 און זייערע קליינע קינדער וועלן צעהאַקט ווערן
פאַר זייערע אויגן;
זייערע הייזער וועלן צערויבט ווערן,
און זייערע ווייבער וועלן געשענדט ווערן.

17 זע, איך דערוועק אויף זיי מָדַי,
וואָס זילבער אַכטן זיי ניט,
און גאָלד, דאָס ווילן זיי ניט.
18 און בויגנס וועלן צעהאַקן ייִנגלעך,

א ווערטשפּיל: כְּשֹׁד מִשַּׁדַּי.

און אויך פּרוכט פון לייב וועלן זיי ניט רחמנות האָבן,
אויף קינדער וועט זיך ניט דערבאַרימען זייער אויג.
19 און בָּבֶל, דאָס שיינדל פון מלוכות,
די שטאָלצע פּראַכט פון די כַּשׂדים,
וועט זיין ווי גאָטס איבערקערעניש
פון סדום און עֲמוֹרָה.
20 זי וועט אייביק ניט באַזעצט ווערן,
און ניט באַוווינט זיין אויף דור־דורות;
און קיין אַראַבער וועט דאָרט ניט אויפשטעלן אַ געצעלט,
און קיין פּאַסטוכער וועלן דאָרט ניט מאַכן הויערן.
21 נאָר ווילדע קעץ וועלן דאָרטן הויערן,
און זייערע הייזער וועלן פול זיין מיט קלאָג־חיות;
און שטרויספויגלען וועלן דאָרט רוען,
און שדים וועלן דאָרט אומטאַנצן.
22 און שאַקאַלן וועלן וואָיען אין זייערע פּאַלאַצן
און מדבר־הינט אין די פּאַליען פון תענוג;
און נאָענט איז איר צייט צו קומען,
און אירע טעג וועלן זיך ניט פאַרציען.

יד 1 וואָרום גאָט וועט דערבאַרימען יעקב,
און וועט ווידער אויסדערוויילן ישׂראל,
און זיי באַרוען אויף זייער ערד;
און פרעמדע וועלן זיך באַהעפטן צו זיי,
און וועלן צושטיין צום הויז פון יעקב.
2 און פעלקער וועלן זיי נעמען,
און וועלן זיי ברענגען אויף זייער אָרט,
און דאָס הויז פון ישׂראל וועט זיי אַרבן אויף גאָטס ערד
פאַר קנעכט און פאַר דינסטן;
און זיי וועלן ווערן די פאַנגערס פון זייערע פאַנגערס,
און וועלן געוועלטיקן איבער זייערע דריקער.

3 און עס וועט זיין,
אין דעם טאָג וואָס גאָט באַרוט דיך
פון דיין פּיין און פון דיין ציטערניש,
און פון דער שווערער אַרבעט
וואָס מע האָט געאַרבעט מיט דיר,
4 וועסטו אויפהייבן דעמדאָזיקן משל
אויפן מלך פון בָּבֶל, און זאָגן:
ווי האָט אויפגעהערט דער דריקער,
אויפגעהערט די גאָלדגייציקײַט!
5 צעבראָכן האָט גאָט דעם שטעקן פון די רשעים,
די רוט פון די געוועלטיקער,
6 וואָס האָט געשלאָגן די פעלקער מיט כּעס,
שלעק אָן אַן אויפהער,
וואָס האָט געוועלטיקט מיט צאָרן אויף די אומות,
גערודפט אָן אָפּהאַלט.
7 רואיק באַרוט איז די גאַנצע ערד,
זיי ברעכן אויס אין געזאַנג.
8 אַפילו די ציפּרעסן פרייען זיך איבער דיר,
די צעדערן פון לְבָנוֹן:
פון זינט דו האָסט זיך אַוועקגעלייגט,
קומט ניט דער העקער אויף אונדז.

9 די אונטערערד פון אונטן ציטערט אויף צוליב דיר,
אַנטקעגן דיין קומען;
זי וועקט די טויטע צוליב דיר,
אַלע פירער פון דער ערד;
זי מאַכט אויפשטיין פון זייערע טראָנען
אַלע מלכים פון די פעלקער.
10 זיי אַלע רופן זיך אָפּ,
און זאָגן צו דיר:
דו אויך ביסט אָוועקגעפאַלן ווי מיר,
געגליכן געוואָרן צו אונדז!
11 גענידערט אין אונטערערד איז דיין שטאָלץ,
די ברומונג פון דיינע האַרפן;
אונטער דיר זיינען ווערים געבעט,
און דיין צודעק איז מאָיל.

12 ווי ביסטו פון הימל געפאַלן,
דו ליכטיקער מאָרגנשטערן!
ווי ביסטו אָפּגעהאַקט געוואָרן צו דער ערד,
דו גורל־וואַרפער אויף פעלקער!
13 און דו האָסט געזאָגט אין דיין האַרצן:
אין הימל וועל איך אַרויפגיין,
איבער די שטערן פון גאָט
וועל איך מיין טראָן דערהייבן;
און איך וועל זיצן אויפן באַרג פון אײַנזאַמלונג,
אין די עקן פון צפון.

יט וּפְרִי־בֶטֶן לֹא יְרַחֵמוּ עַל־בָּנִים לֹא־תָחוֹס עֵינָם׃ וְהָיְתָה
בָבֶל צְבִי מַמְלָכוֹת תִּפְאֶרֶת גְּאוֹן כַּשְׂדִּים כְּמַהְפֵּכַת
כ אֱלֹהִים אֶת־סְדֹם וְאֶת־עֲמֹרָה׃ לֹא־תֵשֵׁב לָנֶצַח וְלֹא תִשְׁכֹּן
עַד־דּוֹר וָדוֹר וְלֹא־יַהֵל שָׁם עֲרָבִי וְרֹעִים לֹא־יַרְבִּצוּ שָׁם׃
כא וְרָבְצוּ־שָׁם צִיִּים וּמָלְאוּ בָתֵּיהֶם אֹחִים וְשָׁכְנוּ שָׁם בְּנוֹת
כב יַעֲנָה וּשְׂעִירִים יְרַקְּדוּ־שָׁם׃ וְעָנָה אִיִּים בְּאַלְמְנוֹתָיו וְתַנִּים
בְּהֵיכְלֵי עֹנֶג וְקָרוֹב לָבוֹא עִתָּהּ וְיָמֶיהָ לֹא יִמָּשֵׁכוּ׃

יד

א כִּי יְרַחֵם יְהוָה אֶת־יַעֲקֹב וּבָחַר עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל וְהִנִּיחָם
עַל־אַדְמָתָם וְנִלְוָה הַגֵּר עֲלֵיהֶם וְנִסְפְּחוּ עַל־בֵּית יַעֲקֹב׃
ב וּלְקָחוּם עַמִּים וֶהֱבִיאוּם אֶל־מְקוֹמָם וְהִתְנַחֲלוּם בֵּית־
יִשְׂרָאֵל עַל אַדְמַת יְהוָה לַעֲבָדִים וְלִשְׁפָחוֹת וְהָיוּ שֹׁבִים
ג לְשֹׁבֵיהֶם וְרָדוּ בְּנֹגְשֵׂיהֶם׃ וְהָיָה בְּיוֹם הָנִיחַ יְהוָה
לְךָ מֵעָצְבְּךָ וּמֵרָגְזֶךָ וּמִן־הָעֲבֹדָה הַקָּשָׁה אֲשֶׁר עֻבַּד־בָּךְ׃
ד וְנָשָׂאתָ הַמָּשָׁל הַזֶּה עַל־מֶלֶךְ בָּבֶל וְאָמָרְתָּ אֵיךְ שָׁבַת
ה נֹגֵשׂ שָׁבְתָה מַדְהֵבָה׃ שָׁבַר יְהוָה מַטֵּה רְשָׁעִים שֵׁבֶט
ו מֹשְׁלִים׃ מַכֶּה עַמִּים בְּעֶבְרָה מַכַּת בִּלְתִּי סָרָה רֹדֶה
ז בָאַף גּוֹיִם מֻרְדָּף בְּלִי חָשָׂךְ׃ נָחָה שָׁקְטָה כָּל־הָאָרֶץ
ח פָּצְחוּ רִנָּה׃ גַּם־בְּרוֹשִׁים שָׂמְחוּ לְךָ אַרְזֵי לְבָנוֹן מֵאָז
ט שָׁכַבְתָּ לֹא־יַעֲלֶה הַכֹּרֵת עָלֵינוּ׃ שְׁאוֹל מִתַּחַת רָגְזָה לְךָ
לִקְרַאת בּוֹאֶךָ עוֹרֵר לְךָ רְפָאִים כָּל־עַתּוּדֵי אָרֶץ הֵקִים
י מִכִּסְאוֹתָם כֹּל מַלְכֵי גוֹיִם׃ כֻּלָּם יַעֲנוּ וְיֹאמְרוּ אֵלֶיךָ גַּם־
יא אַתָּה חֻלֵּיתָ כָמוֹנוּ אֵלֵינוּ נִמְשָׁלְתָּ׃ הוּרַד שְׁאוֹל גְּאוֹנֶךָ
יב הֶמְיַת נְבָלֶיךָ תַּחְתֶּיךָ יֻצַּע רִמָּה וּמְכַסֶּיךָ תּוֹלֵעָה׃ אֵיךְ
נָפַלְתָּ מִשָּׁמַיִם הֵילֵל בֶּן־שָׁחַר נִגְדַּעְתָּ לָאָרֶץ חוֹלֵשׁ עַל־
יג גּוֹיִם׃ וְאַתָּה אָמַרְתָּ בִלְבָבְךָ הַשָּׁמַיִם אֶעֱלֶה מִמַּעַל
לְכוֹכְבֵי־אֵל אָרִים כִּסְאִי וְאֵשֵׁב בְּהַר־מוֹעֵד בְּיַרְכְּתֵי

יד, ג׳ המ׳ בחירק   ט׳ קמץ בז״ק

יד טו צָפוֹן׃ אֶעֱלֶה עַל־בָּמֳתֵי עָב אֶדַּמֶּה לְעֶלְיוֹן׃ אַךְ אֶל־
טז שְׁאוֹל תּוּרָד אֶל־יַרְכְּתֵי־בוֹר׃ רֹאֶיךָ אֵלֶיךָ יַשְׁגִּיחוּ אֵלֶיךָ
יִתְבּוֹנָנוּ הֲזֶה הָאִישׁ מַרְגִּיז הָאָרֶץ מַרְעִישׁ מַמְלָכוֹת׃
יז שָׂם תֵּבֵל כַּמִּדְבָּר וְעָרָיו הָרָס אֲסִירָיו לֹא־פָתַח בָּיְתָה׃
יח יט כָּל־מַלְכֵי גוֹיִם כֻּלָּם שָׁכְבוּ בְכָבוֹד אִישׁ בְּבֵיתוֹ׃ וְאַתָּה
הָשְׁלַכְתָּ מִקִּבְרְךָ כְּנֵצֶר נִתְעָב לְבֻשׁ הֲרֻגִים מְטֹעֲנֵי חָרֶב
כ יוֹרְדֵי אֶל־אַבְנֵי־בוֹר כְּפֶגֶר מוּבָס׃ לֹא־תֵחַד אִתָּם בִּקְבוּרָה
כִּי־אַרְצְךָ שִׁחַתָּ עַמְּךָ הָרָגְתָּ לֹא־יִקָּרֵא לְעוֹלָם זֶרַע
כא מְרֵעִים׃ הָכִינוּ לְבָנָיו מַטְבֵּחַ בַּעֲוֺן אֲבוֹתָם בַּל־יָקֻמוּ
כב וְיָרְשׁוּ אָרֶץ וּמָלְאוּ פְנֵי־תֵבֵל עָרִים׃ וְקַמְתִּי עֲלֵיהֶם נְאֻם
יְהוָה צְבָאוֹת וְהִכְרַתִּי לְבָבֶל שֵׁם וּשְׁאָר וְנִין וָנֶכֶד נְאֻם־
כג יְהוָה׃ וְשַׂמְתִּיהָ לְמוֹרַשׁ קִפֹּד וְאַגְמֵי־מָיִם וְטֵאטֵאתִיהָ
כד בְּמַטְאֲטֵא הַשְׁמֵד נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת׃ נִשְׁבַּע יְהוָה
צְבָאוֹת לֵאמֹר אִם־לֹא כַּאֲשֶׁר דִּמִּיתִי כֵּן הָיָתָה וְכַאֲשֶׁר
כה יָעַצְתִּי הִיא תָקוּם׃ לִשְׁבֹּר אַשּׁוּר בְּאַרְצִי וְעַל־הָרַי
אֲבוּסֶנּוּ וְסָר מֵעֲלֵיהֶם עֻלּוֹ וְסֻבֳּלוֹ מֵעַל שִׁכְמוֹ יָסוּר׃
כו זֹאת הָעֵצָה הַיְּעוּצָה עַל־כָּל־הָאָרֶץ וְזֹאת הַיָּד הַנְּטוּיָה
כז עַל־כָּל־הַגּוֹיִם׃ כִּי־יְהוָה צְבָאוֹת יָעָץ וּמִי יָפֵר וְיָדוֹ
כח הַנְּטוּיָה וּמִי יְשִׁיבֶנָּה׃ בִּשְׁנַת־מוֹת הַמֶּלֶךְ אָחָז
כט הָיָה הַמַּשָּׂא הַזֶּה׃ אַל־תִּשְׂמְחִי פְלֶשֶׁת כֻּלֵּךְ כִּי נִשְׁבַּר
שֵׁבֶט מַכֵּךְ כִּי־מִשֹּׁרֶשׁ נָחָשׁ יֵצֵא צֶפַע וּפִרְיוֹ שָׂרָף
ל מְעוֹפֵף׃ וְרָעוּ בְּכוֹרֵי דַלִּים וְאֶבְיוֹנִים לָבֶטַח יִרְבָּצוּ
לא וְהֵמַתִּי בָרָעָב שָׁרְשֵׁךְ וּשְׁאֵרִיתֵךְ יַהֲרֹג׃ הֵילִילִי שַׁעַר
זַעֲקִי־עִיר נָמוֹג פְּלֶשֶׁת כֻּלֵּךְ כִּי מִצָּפוֹן עָשָׁן בָּא וְאֵין בּוֹדֵד
לב בְּמוֹעָדָיו׃ וּמַה־יַּעֲנֶה מַלְאֲכֵי־גוֹי כִּי יְהוָה יִסַּד צִיּוֹן וּבָהּ
יֶחֱסוּ עֲנִיֵּי עַמּוֹ׃

טו׳ קמץ בטרחא   כא׳ קמץ בז״ק   כד׳ קמץ בז״ק   כו׳ קמץ בטרחא

14 איך וועל אַרויפגיין איבער די הייכן פון וואָלקן,
איך וועל צום אויבערשטן זיך גלייכן.
15 אָבער אין אונטערערד וועסטו גענידערט ווערן,
אין די עקן פון גרוב.

16 דיינע זעער וועלן דיך באַטראַכטן,
זיי וועלן דיך אָנקוקן:
איז דאָס דער מאַן וואָס האָט געמאַכט ציטערן די ערד,
וואָס האָט אויפגעשטורעמט מלוכות,
17 געמאַכט די וועלט ווי אַ מדבר,
און צעשטערט אירע שטעט;
זיינע געפאַנגענע ניט פריי געלאָזט אַהיים?
18 אַלע מלכים פון די פעלקער ליגן אין כבוד אַלע,
איטלעכער אין זיין היים.
19 און דו ביסט אַוועקגעוואָרפן ווייט פון דיין קבר,
ווי אַן אומווערדיק ריטל,
אַרומגעטאָן מיט הרוגים, פון שווערד דערשטאָכענע,
וואָס נידערן צו די שטיינער פון גרוב,
ווי אַ פגר אַ צעטרעטענער.
20 וועסט ניט באַנאַנד זיין מיט זיי אין קבר,
וואָרום דיין לאַנד האָסטו אומגעבראַכט,
דיין פאָלק האָסטו געהרגעט;
אויף אייביק זאָל ניט אָנגערופן ווערן
דער זאָמען פון שלעכטסטוער.

21 ברייט אָן אויף זיינע קינדער אַ שחיטה,
פאַר דער זינד פון זייערע עלטערן,
זיי זאָלן ניט אויפשטיין און ירשענען די ערד,
און אָנפילן דאָס געזיכט פון דער וועלט מיט שטעט.

23 און איך וועל אויפשטיין אויף זיי,
זאָגט גאָט פון צבָאות,
און וועל פאַרשניידן פון בָבל אַ נאָמען און אַן
איבערבלייב,
און אַ קינד און אַ קינדסקינד, זאָגט גאָט.

23 און איך וועל זיי מאַכן צום אַרב פאַרן זומפבושל,
און געמויועכצן וואַסער;
און איך וועל זיי אַוועקבעזעמען מיטן בעזעם פון
פאַרטיליקונג,
זאָגט גאָט פון צבָאות.

24 געשוואָרן האָט גאָט פון צבָאות, אַזוי צו זאָגן:
פאַרוואָר, ווי איך האָב געטראַכט, אַזוי וועט געשען,
און ווי איך האָב באַראָטן, דאָס וועט באַשטיין:
25 איך זאָל צעברעכן אַשור אין מיין לאַנד,
און אויף מיינע בערג אים צעטרעטן;
און אָפּגעטאָן זאָל ווערן פון זיי זיין יאָך,
און זיין לאַסט זאָל אָפּגעטאָן ווערן פון זייער רוקן.
26 דאָס איז דער באַראָט וואָס איז באַראָטן
אויף דער גאַנצער ערד,
און דאָס איז די האַנט וואָס איז אויסגעשטרעקט
אויף אַלע פעלקער.
27 וואָרום גאָט פון צבָאות האָט באַראָטן,
און ווער וועט פאַרשטערן?
און זיין האַנט איז אויסגעשטרעקט,
און ווער וועט זי אָפּהאַלטן?

28 אין דעם יאָר וואָס דער מלך אָחָז איז געשטאָרבן,
איז געווען דידאָזיקע נבואה:
29 ניט פריי זיך גאַנץ פְּלֶשֶׁת,
וואָס די רוט פון דיין שלעגער איז צעבראָכן;
וואָרום פון וואָרצל פון דער שלאַנג וועט אַרויס אַ נאָטער,
און זיין פרוכט איז אַ פליעדיקער לינדוואָרעם.
30 און די אָרימסטע פון די אָרימע וועלן זיך פיטערן,
און די באַדערפטיקע וועלן הויערן אין זיכערקייט;
און איך וועל טייטן מיט הונגער דיין וואָרצל,
און דיין איבערבלייב וועט מען·אויסהרגענען.

31 יאָמער, דו טויער, שריי, דו שטאָט,
ווער צעגאַנגען, גאַנץ פְּלֶשֶׁת,
וואָרום פון צפון קומט אַ רויך,
און ניטאָ קיין אָפּגעשטאַנענער אין זיינע מחנות.
32 און וואָס זאָל מען ענטפערן די שלוחים פון דעם פאָלק?—
אַז גאָט האָט געגרונטפעסט צִיוֹן,
און אין איר וועלן זיך שיצן די אָרימע פון זיין פאָלק.

טו

א מַשָּׂא מוֹאָב כִּי בְּלֵיל שֻׁדַּד עָר מוֹאָב נִדְמָה כִּי בְּלֵיל
ב שֻׁדַּד קִיר־מוֹאָב נִדְמָה׃ עָלָה הַבַּיִת וְדִיבֹן הַבָּמוֹת לְבֶכִי
עַל־נְבוֹ וְעַל מֵידְבָא מוֹאָב יְיֵלִיל בְּכָל־רֹאשָׁיו קָרְחָה כָּל־
ג זָקָן גְּרוּעָה׃ בְּחוּצֹתָיו חָגְרוּ שָׂק עַל גַּגּוֹתֶיהָ וּבִרְחֹבֹתֶיהָ
ד כֻּלֹּה יְיֵלִיל יֹרֵד בַּבֶּכִי׃ וַתִּזְעַק חֶשְׁבּוֹן וְאֶלְעָלֵה עַד־יַהַץ
נִשְׁמַע קוֹלָם עַל־כֵּן חֲלֻצֵי מוֹאָב יָרִיעוּ נַפְשׁוֹ יָרְעָה לוֹ׃
ה לִבִּי לְמוֹאָב יִזְעָק בְּרִיחֶהָ עַד־צֹעַר עֶגְלַת שְׁלִשִׁיָּה כִּי ׀
מַעֲלֵה הַלּוּחִית בִּבְכִי יַעֲלֶה־בּוֹ כִּי דֶּרֶךְ חוֹרֹנַיִם זַעֲקַת־
ו שֶׁבֶר יְעֹעֵרוּ׃ כִּי־מֵי נִמְרִים מְשַׁמּוֹת יִהְיוּ כִּי־יָבֵשׁ חָצִיר
ז כָּלָה דֶשֶׁא יֶרֶק לֹא הָיָה׃ עַל־כֵּן יִתְרָה עָשָׂה וּפְקֻדָּתָם
ח עַל נַחַל הָעֲרָבִים יִשָּׂאוּם׃ כִּי־הִקִּיפָה הַזְּעָקָה אֶת־גְּבוּל
ט מוֹאָב עַד־אֶגְלַיִם יִלְלָתָהּ וּבְאֵר אֵילִים יִלְלָתָהּ׃ כִּי מֵי
דִימוֹן מָלְאוּ דָם כִּי־אָשִׁית עַל־דִּימוֹן נוֹסָפוֹת לִפְלֵיטַת
מוֹאָב אַרְיֵה וְלִשְׁאֵרִית אֲדָמָה׃

טז

א שִׁלְחוּ־כַר מֹשֵׁל־אֶרֶץ מִסֶּלַע מִדְבָּרָה אֶל־הַר בַּת־צִיּוֹן׃
ב וְהָיָה כְעוֹף־נוֹדֵד קֵן מְשֻׁלָּח תִּהְיֶינָה בְּנוֹת מוֹאָב מַעְבָּרוֹת
ג לְאַרְנוֹן׃ הָבִיאוּ עֵצָה עֲשׂוּ פְלִילָה שִׁיתִי כַלַּיִל צִלֵּךְ
ד בְּתוֹךְ צָהֳרָיִם סַתְּרִי נִדָּחִים נֹדֵד אַל־תְּגַלִּי׃ יָגוּרוּ בָךְ
נִדָּחַי מוֹאָב הֱוִי־סֵתֶר לָמוֹ מִפְּנֵי שׁוֹדֵד כִּי־אָפֵס הַמֵּץ
ה כָּלָה שֹׁד תַּמּוּ רֹמֵס מִן־הָאָרֶץ׃ וְהוּכַן בַּחֶסֶד כִּסֵּא
וְיָשַׁב עָלָיו בֶּאֱמֶת בְּאֹהֶל דָּוִד שֹׁפֵט וְדֹרֵשׁ מִשְׁפָּט וּמְהִר
ו צֶדֶק׃ שָׁמַעְנוּ גְאוֹן־מוֹאָב גֵּא מְאֹד גַּאֲוָתוֹ וּגְאוֹנוֹ וְעֶבְרָתוֹ
ז לֹא־כֵן בַּדָּיו׃ לָכֵן יְיֵלִיל מוֹאָב לְמוֹאָב כֻּלֹּה יְיֵלִיל לַאֲשִׁישֵׁי
ח קִיר־חֲרֶשֶׂת תֶּהְגּוּ אַךְ־נְכָאִים׃ כִּי שַׁדְמוֹת חֶשְׁבּוֹן אֻמְלָל
גֶּפֶן שִׂבְמָה בַּעֲלֵי גוֹיִם הָלְמוּ שְׂרוּקֶּיהָ עַד־יַעְזֵר נָגָעוּ תָּעוּ

טו, ב׳ כ״א נדחה ה׳ קמץ מ״ק טז. ג׳ הביאו ק׳ ובנ״א כן בח״נ וק״י
עשו ק״י ובנ״א עשו כתיב עשי קרי
ח׳ דגש אחר ת״ג קמץ בטרחא מלעיל

# טו

1 די נבואה אויף מואָב.
פֿאַרוואָר, איבער נאַכט איז פֿאַרוויסט געוואָרן ער־מואָב,
פֿאַרשניטן געוואָרן;
פֿאַרוואָר, איבער נאַכט איז פֿאַרוויסט געוואָרן קיר־מואָב,
פֿאַרשניטן געוואָרן.
2 ער איז אַרויפֿגעגאַנגען קיין בַּיִת און דיבון,
אויף די בָמות צו וויינען;
אויף נבוֹ און אויף מֵידבאָ
טוט יאָמערן מואָב;
אויף אַלע זיינע קעפּ איז אַ פּליך,
יעטוועדער באָרד איז אָפּגעשניטן.
3 אין זיינע גאַסן גורט מען אָן זאַק;
אויף אירע דעכער און אין אירע מערק,
טוט איטלעכער יאָמערן,
צעגייט אין געוויין.
4 און קלאָגן טוט חֶשבּוֹן און אֶלעָלֵה,
ביז יַהַץ ווערט געהערט זייער קָול;
דרום שרייען[א] די באַוואָפֿנטע פֿון מואָב;
זיין זעל טוט אים ציטערן[א].
5 מיין האַרץ אויף מואָב טוט קלאָגן,
אירע אַנטלאָפֿענע גרייכן ביז צוֹעַר,
דער דרייַיאָריקער קוּ;
וואָרום דער אַרויפֿגאַנג פֿון לוחית,
אים גייט מען אַרויף מיט געוויין;
וואָרום אויף דעם וועג פֿון חורוֹנַיִם
אַ בראָכגעשריי הייבן זיי אויף.
6 וואָרום די וואַסערן פֿון נִמרים
וועלן אַ וויסטעניש ווערן;
וואָרום פֿאַרדאַרט איז דאָס קרייטעכץ,
פֿאַרלענדט איז דאָס גראָז,
קיין גרינס איז ניטאָ.
7 דרום, די שֶפֿע וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמלט,
און דאָס וואָס זיי האָבן באַהאַלטן,
וועלן זיי צום טייך פֿון די ווערבעס אַוועקטראָגן.
8 וואָרום דאָס געשריי האָט אַרומגערינגלט
דעם געמאַרק פֿון מואָב;
ביז אֶגלַיִם גייט איר יללה.
און ביז באֵר־אֵלים איר יללה.
9 וואָרום די וואַסערן פֿון דימון זיינען פֿול מיט בלוט[ב];

וואָרום איך וועל דימון נאָך געבן אַ צולאָג:
אַ לייַב פֿאַר די אַנטרונענע פֿון מואָב,
און פֿאַר דעם איבערבלייב פֿון לאַנד.

# טז

1 שיקט לעמער צום געוועלטיקער פֿון לאַנד,
פֿון די פֿעלזן וואָס צום מדבר,
צום באַרג פֿון טאָכטער צִיוֹן.
2 און עס וועט זיין:
ווי אַ פֿויגל אַ פֿאַרוואָגלטער,
ווי אַ נעסט אַ צעטריבענער,
וועלן זיין די טעכטער פֿון מואָב,
ביי די איבערפֿאָרן פֿון אַרנוֹן.
3 „ברענג אַן עצה,
שאַף אַ באַשייד;
מאַך דיין שאָטן ווי די נאַכט,
אין מיטן העלן טאָג;
פֿאַרבאָרג די פֿאַרשטויסענע,
דעם פֿאַרוואָגלטן זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן.
4 זאָלן וווינען ביי דיר מיינע–מואָבס–פֿאַרשטויסענע,
זייַ זיי אַ פֿאַרבאָרגעניש פֿון דעם רויבער,
ביז אַוועק איז די דריקונג,
געענדיקט דער רויב,
פֿאַרלענדט די צעטרעטער אויסן לאַנד;
5 וואָרום אויפֿגעשטעלט אויף גענאָד איז דער טראָן,
און אויף אים זיצט מיט אמת, אין דודס געצעלט,
אַ ריכטער וואָס זוכט רעכט,
און איז גיך אויף גערעכטיקייט".

6 „מיר האָבן געהערט די שטאָלצקייט פֿון מואָב,
ווי זייער שטאָלץ ער איז;
זיין גאווה און זיין שטאָלצקייט און זיין חוצפּה,
זיינע באַרימערייען אָן אַ האַפּט".

7 דרום וועט יאָמערן מואָב אויף מואָב,
איטלעכער וועט יאָמערן;
נאָך די ראָזינקעקוכנס פֿון קיר־חֲרֶשֶׂת
וועט איר זיפֿצן, אין גאַנצן דערשלאָגענע.
8 וואָרום די פֿעלדער פֿון חֶשבּוֹן זיינען פֿאַרוועלקט,
דער וויינשטאָק פֿון שִׂבמָה,
וואָס זיינע רויטטרויבן האָבן פֿאַרטומלט
די האַרן פֿון די פֿעלקער;
ביז יַעְזֵר האָבן זיי דערגרייכט,
ביזן מדבר האָבן זיי געוואַנדערט;

[א] ווערטשפּיל: יָרִיעוּ יָרְעָה.
[ב] ווערטשפּיל: דִימוֹן־דָם.

מִדְבָּר שְׁלֻחוֹתֶיהָ נִטְּשׁוּ עָבְרוּ יָם׃ עַל־כֵּן אֶבְכֶּה בִּבְכִי ט
יַעְזֵר גֶּפֶן שִׂבְמָה אֲרַיָּוֶךְ דִּמְעָתִי חֶשְׁבּוֹן וְאֶלְעָלֵה כִּי עַל־
קֵיצֵךְ וְעַל־קְצִירֵךְ הֵידָד נָפָל׃ וְנֶאֱסַף שִׂמְחָה וָגִיל מִן־ י
הַכַּרְמֶל וּבַכְּרָמִים לֹא־יְרֻנָּן לֹא יְרֹעָע יַיִן בַּיְקָבִים לֹא־יִדְרֹךְ
הַדֹּרֵךְ הֵידָד הִשְׁבַּתִּי׃ עַל־כֵּן מֵעַי לְמוֹאָב כַּכִּנּוֹר יֶהֱמוּ יא
וְקִרְבִּי לְקִיר חָרֶשׂ׃ וְהָיָה כִי־נִרְאָה כִּי־נִלְאָה מוֹאָב עַל־ יב
הַבָּמָה וּבָא אֶל־מִקְדָּשׁוֹ לְהִתְפַּלֵּל וְלֹא יוּכָל׃ זֶה הַדָּבָר יג
אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֶל־מוֹאָב מֵאָז׃ וְעַתָּה דִּבֶּר יְהוָה לֵאמֹר יד
בְּשָׁלֹשׁ שָׁנִים כִּשְׁנֵי שָׂכִיר וְנִקְלָה כְּבוֹד מוֹאָב בְּכֹל הֶהָמוֹן
הָרָב וּשְׁאָר מְעַט מִזְעָר לוֹא כַבִּיר׃

יז

מַשָּׂא דַּמָּשֶׂק הִנֵּה דַמֶּשֶׂק מוּסָר מֵעִיר וְהָיְתָה מְעִי א
מַפָּלָה׃ עֲזֻבוֹת עָרֵי עֲרֹעֵר לַעֲדָרִים תִּהְיֶינָה וְרָבְצוּ וְאֵין ב
מַחֲרִיד׃ וְנִשְׁבַּת מִבְצָר מֵאֶפְרַיִם וּמַמְלָכָה מִדַּמֶּשֶׂק ג
וּשְׁאָר אֲרָם כִּכְבוֹד בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל יִהְיוּ נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת׃
וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא יִדַּל כְּבוֹד יַעֲקֹב וּמִשְׁמַן ד
בְּשָׂרוֹ יֵרָזֶה׃ וְהָיָה כֶּאֱסֹף קָצִיר קָמָה וּזְרֹעוֹ שִׁבֳּלִים ה
יִקְצוֹר וְהָיָה כִּמְלַקֵּט שִׁבֳּלִים בְּעֵמֶק רְפָאִים׃ וְנִשְׁאַר־בּוֹ ו
עוֹלֵלֹת כְּנֹקֶף זַיִת שְׁנַיִם שְׁלֹשָׁה גַּרְגְּרִים בְּרֹאשׁ אָמִיר
אַרְבָּעָה חֲמִשָּׁה בִּסְעִפֶיהָ פֹּרִיָּה נְאֻם־יְהוָה אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל׃ בַּיּוֹם הַהוּא יִשְׁעֶה הָאָדָם עַל־עֹשֵׂהוּ וְעֵינָיו אֶל־ ז
קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל תִּרְאֶינָה׃ וְלֹא יִשְׁעֶה אֶל־הַמִּזְבְּחוֹת ח
מַעֲשֵׂה יָדָיו וַאֲשֶׁר עָשׂוּ אֶצְבְּעֹתָיו לֹא יִרְאֶה וְהָאֲשֵׁרִים
וְהַחַמָּנִים׃ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיוּ ׀ עָרֵי מָעֻזּוֹ כַּעֲזוּבַת ט
הַחֹרֶשׁ וְהָאָמִיר אֲשֶׁר עָזְבוּ מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְהָיְתָה
שְׁמָמָה׃ כִּי שָׁכַחַתְּ אֱלֹהֵי יִשְׁעֵךְ וְצוּר מָעֻזֵּךְ לֹא זָכָרְתְּ י
עַל־כֵּן תִּטְּעִי נִטְעֵי נַעֲמָנִים וּזְמֹרַת זָר תִּזְרָעֶנּוּ׃ בַּיּוֹם יא

טז, ט׳ מלעיל   י׳ קמץ בטרחא   פתח בס״פ   יז, ב׳ תצי תכיאם נססקס

אירע צווייגן האָבן זיך צעשפּרייט,
ביז צום ים זיינען זיי אַריבער.
9 דרום באַוויין איך אין דעם געוויין פון יַעְזֵר,
דעם ווייַנשטאָק פון שִׂבְמָה;
איך טרינק דיך אָן מיט מיינע טרערן,
חֶשְׁבּוֹן און אֶלְעָלֵה;
וואָרום אויף דיין האַרבסטונג און אויף דיין שניט
איז אַ קריגגעשריי* געפאַלן.

10 און אַיינגעטאָן איז די פרייד און די לוסטיקייט
פון דעם פרוכטגאָרטן;
און אין די ווייַנגערטנער ווערט ניט געזונגען,
ווערט ניט געשאַלט;
קיין וויין אין די קעלטערן
טרעט ניט דער טרעטער;
איך האָב געמאַכט אויפהערן „הֵידָד!"
11 דרום ברומען ווי אַ האַרף מיינע געדערים אויף מואָב,
און מיינע אינגעווייד אויף קיר־חֶרֶשׂ.

12 און עס וועט זיין, אַז עס וועט זיך אַרויסווייזן אַז מואָב האָט זיך [אומזיסט] אַיינגעמיט אויף דער בָּמָה, וועט ער אַרייַנגיין אין זיין הייליקטום תפילה טאָן, אָבער ער וועט גאָרנישט אויסריכטן.

13 דאָס איז דאָס וואָרט וואָס גאָט האָט גערעדט אויף מואָב אַמאָל. 14 אָבער אַצונד האָט גאָט גערעדט, אַזוי צו זאָגן: אין דריי יאָר, ווי די יאָרן פון אַ געדונגענעם, וועט גרינגגעשאַצט ווערן דער כבוד פון מואָב, ביי אַל דעם גרויסן טומל; און דער איבערבלייב וועט זיין אַ קליין ווינציקייט אָן שטאַרקייט.

# יז

1 די נבואה אויף דַמֶּשֶׂק.
זע, דַמֶּשֶׂק ווערט אויס שטאָט,
און וועט ווערן אַ חורבה־הויפן.
2 פאַרלאָזן די שטעט פון עֲרוֹעֵר,
פאַר סטאַדעס וועלן זיי זיין;
און זיי וועלן הויערן,
און קיינער וועט ניט אָפּשרעקן.
3 און אָפּגעטאָן וועט ווערן אַ פעסטונג פון אפרים,
און אַ מלוכה פון דַמֶּשֶׂק;
און דער איבערבלייב פון אַרָם וועט ווערן
ווי די פּראַכט פון די קינדער פון ישׂראל,
זאָגט גאָט פון צבָאוֹת.

4 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועט פאַראָרימט ווערן די פּראַכט פון יעקב,
און די פעטקייט פון זיין לייב וועט אָפּגעצערט ווערן.
5 און עס וועט זיין ווי אַ שניטער זאַמלט תבואה,
און שניידט מיט זיין אָרעם די זאַנגען;
און עס וועט זיין ווי מע קלייבט זאַנגען
אין טאָל פון רפָאים.
6 נאָר אַ נאָכקלייב וועט בלייבן אויף אים,
ווי ביים אָפּקלאַפּן אַן אייילבערטבוים,
צוויי דריי פערלעך אויבן ביים שפּיץ,
פיר פינף אויף זיינע צווייגן, אויב פרוכטיק,
זאָגט יהוה, דער גאָט פון ישׂראל.

7 אין יענעם טאָג וועט דער מענטש זיך קערן צו זיין באַשעפער,
און זיינע אויגן וועלן קוקן צום הייליקן פון ישׂראל.
8 און ער וועט זיך ניט קערן צו די מזבחות,
די ווערק פון זיינע הענט,
און ניט אָנקוקן וואָס זיינע פינגער האָבן געמאַכט,
און די געצנביימער און די זונזיילן.

9 אין יענעם טאָג וועלן זיינע פעסטע שטעט זיין
ווי די פאַרלאָזנקייט פון די וועלדער און די באַרגשפּיצן,
וואָס מע האָט פאַרלאָזן פון וועגן די קינדער פון ישׂראל;
און עס וועט זיין אַ וויסטעניש.
10 וואָרום האָסט פאַרגעסן דעם גאָט פון דיין הילף,
און דעם פעלז פון דיין שטאַרקייט האָסטו ניט דערמאָנט;
דרום האָסטו ליבלעכע פלאַנצן געפלאַנצט,
און אַ פרעמדן צווייג אַיינגעזעצט דרינען;

* אין טעקסט: הֵידָד.

נִטְעֵךְ תְּשַׂגְשֵׂגִי וּבַבֹּקֶר זַרְעֵךְ תַּפְרִיחִי נֵד קָצִיר בְּיוֹם
יב נַחֲלָה וּכְאֵב אָנוּשׁ׃ הוֹי הֲמוֹן עַמִּים רַבִּים כַּהֲמוֹת
יַמִּים יֶהֱמָיוּן וּשְׁאוֹן לְאֻמִּים כִּשְׁאוֹן מַיִם כַּבִּירִים יִשָּׁאוּן׃
יג לְאֻמִּים כִּשְׁאוֹן מַיִם רַבִּים יִשָּׁאוּן וְגָעַר בּוֹ וְנָס מִמֶּרְחָק
יד וְרֻדַּף כְּמֹץ הָרִים לִפְנֵי־רוּחַ וּכְגַלְגַּל לִפְנֵי סוּפָה׃ לְעֵת
עֶרֶב וְהִנֵּה בַלָּהָה בְּטֶרֶם בֹּקֶר אֵינֶנּוּ זֶה חֵלֶק שׁוֹסֵינוּ
וְגוֹרָל לְבֹזְזֵינוּ׃

יח

א הוֹי אֶרֶץ צִלְצַל כְּנָפָיִם אֲשֶׁר מֵעֵבֶר לְנַהֲרֵי־כוּשׁ׃ הַשֹּׁלֵחַ
ב בַּיָּם צִירִים וּבִכְלֵי־גֹמֶא עַל־פְּנֵי־מַיִם לְכוּ ׀ מַלְאָכִים קַלִּים
אֶל־גּוֹי מְמֻשָּׁךְ וּמוֹרָט אֶל־עַם נוֹרָא מִן־הוּא וָהָלְאָה גּוֹי
ג קַו־קָו וּמְבוּסָה אֲשֶׁר־בָּזְאוּ נְהָרִים אַרְצוֹ׃ כָּל־יֹשְׁבֵי תֵבֵל
וְשֹׁכְנֵי אָרֶץ כִּנְשֹׂא־נֵס הָרִים תִּרְאוּ וְכִתְקֹעַ שׁוֹפָר תִּשְׁמָעוּ׃
ד כִּי כֹה אָמַר יְהוָה אֵלַי אֶשְׁקוֹטָה וְאַבִּיטָה בִמְכוֹנִי
ה כְּחֹם צַח עֲלֵי־אוֹר כְּעָב טַל בְּחֹם קָצִיר׃ כִּי־לִפְנֵי קָצִיר
כְּתָם־פֶּרַח וּבֹסֶר גֹּמֵל יִהְיֶה נִצָּה וְכָרַת הַזַּלְזַלִּים
ו בַּמַּזְמֵרוֹת וְאֶת־הַנְּטִישׁוֹת הֵסִיר הֵתַז׃ יֵעָזְבוּ יַחְדָּו לְעֵיט
הָרִים וּלְבֶהֱמַת הָאָרֶץ וְקָץ עָלָיו הָעַיִט וְכָל־בֶּהֱמַת הָאָרֶץ
ז עָלָיו תֶּחֱרָף׃ בָּעֵת הַהִיא יוּבַל־שַׁי לַיהוָה צְבָאוֹת
עַם מְמֻשָּׁךְ וּמוֹרָט וּמֵעַם נוֹרָא מִן־הוּא וָהָלְאָה גּוֹי ׀ קַו־
קָו וּמְבוּסָה אֲשֶׁר בָּזְאוּ נְהָרִים אַרְצוֹ אֶל־מְקוֹם שֵׁם־יְהוָה
צְבָאוֹת הַר־צִיּוֹן׃

יט

א מַשָּׂא מִצְרָיִם הִנֵּה יְהוָה רֹכֵב עַל־עָב קַל וּבָא מִצְרַיִם
וְנָעוּ אֱלִילֵי מִצְרַיִם מִפָּנָיו וּלְבַב מִצְרַיִם יִמַּס בְּקִרְבּוֹ׃
ב וְסִכְסַכְתִּי מִצְרַיִם בְּמִצְרַיִם וְנִלְחֲמוּ אִישׁ בְּאָחִיו וְאִישׁ
ג בְּרֵעֵהוּ עִיר בְּעִיר מַמְלָכָה בְּמַמְלָכָה׃ וְנָבְקָה רוּחַ־

יח, ד׳ יתיר י   ה׳ ה׳ רפה   פתח בס״פ

11 אין טאָג פון דיין פלאַנצונג האָסט עס געמאַכט וואַקסן,
און פרימאָרגנס האָסטו דיין זאָמען געמאַכט בליען–
אַ הויפן ריטלעך אין טאָג פון קראַנקשאַפט
און מסוכּנעם ווייטאָק.

12 וויי, די ברומונג פון פיל אומות,
וואָס ברומען ווי דאָס ברומען פון ימען;
און די רוישונג פון פעלקער,
וואָס רוישן ווי די רוישונג פון מאַכטיקע וואַסערן!
13 די פעלקער רוישן ווי די רוישונג פון פיל וואַסערן,
אָבער ער וועט אָנשרייען אויף זיי,
און זיי וועלן אַנטלויפן אין דער ווייט,
און געיאָגט ווערן ווי שפּריי פון די בערג פאַרן ווינט,
און ווי אַ שטויבראָד פאַרן שטורעם.
14 צו אָוונטצייט, זע, אַ שרעקעניש!
איידער פרימאָרגן זיינען זיי ניטאָ.
דאָס איז דער חלק פון אונדזערע רויבער,
און דער גורל פאַר אונדזערע אויסרויבער.

# יח

1 אָ, דאָס לאַנד פון פליגלשומעריי,
וואָס פון יענער זייט טייכן פון כּוש;
2 וואָס שיקט איבערן ים שלוחים,
און אין שיפן פון יאַמש אויפן וואַסער!
גייט, שלוחים פלינקע,
צו דער הויכער און גלאַנציקער אומה,
צו אַ פאָלק מוראדיק פון אייביק אָן,
אַן אומה פון מאַכט און צעטרעטונג,
וואָס טייכן שניידן דורך איר לאַנד.
3 איר אַלע וווינער פון דער וועלט,
און איר וואָס רוט אויף דער ערד,
ווען מע הייבט אויף אַ פאָן אויף די בערג, וועט איר זען,
און ווען מע בלאָזט אַ שופר, וועט איר הערן.

4 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו מיר:
איך וועל רויִק צוקוקן אין מיין אָרט,
ווי קלאָרע היץ אין זונליכט,
ווי אַ טויוואָלקן אין דער היץ פון שניט.
5 וואָרום פאַרן שניט, ווען געענדיקט די בליעכץ,
און דער שפּראָץ ווערט אַ ווינטרויב וואָס צייטיקט זיך,
וועט ער אָפּשניידן די הענגלעך מיט צווייגמעסערס,
און די צווייגן טוט ער אָפּ און וואַרפט אַוועק.
6 זיי וועלן איבערגעלאָזט ווערן אין איינעם
פאַרן רויבפויגל פון די בערג,
און פאַר דער חיה פון דער ערד;
און וועט זומערן דערויף דער רויבפויגל,
און איטלעך חיה פון דער ערד וועט דערויף ווינטערן.

7 אין יענער צייט וועט געבראַכט ווערן
אַ מתנה צו גאָט פון צבאָות,
פון דער הויכער און גלאַנציקער אומה,
פון אַן אומה מוראדיק פון אייביק אָן,
אַ פאָלק פון מאַכט און צעטרעטונג,
וואָס טייכן שניידן דורך זיין לאַנד,
צום אָרט פון דעם נאָמען פון גאָט פון צבאָות,
צום באַרג ציון.

# יט

1 די נבואה אויף מצרים.
זע, גאָט רייט אויף אַ וואָלקן אַ פלינקן,
און ער קומט קיין מצרים;
און די אָפּגעטער פון מצרים וועלן זיך טרייסלען פאַר אים,
און דאָס האַרץ פון מצרים וועט צעגיין אין אים.
2 און איך וועל אָנרייצן מצרים אויף מצרים,
און זיי וועלן מלחמה האַלטן איטלעכער קעגן זיין ברודער,
און איטלעכער קעגן זיין חבר,
אַ שטאָט קעגן אַ שטאָט,
אַ קיניגרייך קעגן אַ קיניגרייך.
3 און אויסגעליידיקט וועט ווערן דער גייסט פון מצרים אין
איר,

מִצְרַיִם בְּקִרְבּוֹ וַעֲצָתוֹ אֲבַלֵּעַ וְדָרְשׁוּ אֶל־הָאֱלִילִים וְאֶל־
הָאִטִּים וְאֶל־הָאֹבוֹת וְאֶל־הַיִּדְּעֹנִים׃ וְסִכַּרְתִּי אֶת־מִצְרַיִם ד
בְּיַד אֲדֹנִים קָשֶׁה וּמֶלֶךְ עַז יִמְשָׁל־בָּם נְאֻם הָאָדוֹן יְהוָה
צְבָאוֹת׃ וְנִשְּׁתוּ־מַיִם מֵהַיָּם וְנָהָר יֶחֱרַב וְיָבֵשׁ׃ וְהֶאֶזְנִיחוּ ה ו
נְהָרוֹת דָּלְלוּ וְחָרְבוּ יְאֹרֵי מָצוֹר קָנֶה וָסוּף קָמֵלוּ׃ עָרוֹת ז
עַל־יְאוֹר עַל־פִּי יְאוֹר וְכֹל מִזְרַע יְאוֹר יִיבַשׁ נִדַּף וְאֵינֶנּוּ׃
וְאָנוּ הַדַּיָּגִים וְאָבְלוּ כָּל־מַשְׁלִיכֵי בַיְאוֹר חַכָּה וּפֹרְשֵׂי ח
מִכְמֹרֶת עַל־פְּנֵי־מַיִם אֻמְלָלוּ׃ וּבֹשׁוּ עֹבְדֵי פִשְׁתִּים ט
שְׂרִיקוֹת וְאֹרְגִים חוֹרָי׃ וְהָיוּ שָׁתֹתֶיהָ מְדֻכָּאִים כָּל־עֹשֵׂי י
שֶׂכֶר אַגְמֵי־נָפֶשׁ׃ אַךְ־אֱוִלִים שָׂרֵי צֹעַן חַכְמֵי יֹעֲצֵי פַרְעֹה יא
עֵצָה נִבְעָרָה אֵיךְ תֹּאמְרוּ אֶל־פַּרְעֹה בֶּן־חֲכָמִים אֲנִי בֶּן
מַלְכֵי־קֶדֶם׃ אַיָּם אֵפוֹא חֲכָמֶיךָ וְיַגִּידוּ נָא לָךְ וְיֵדְעוּ מַה־ יב
יָּעַץ יְהוָה צְבָאוֹת עַל־מִצְרָיִם׃ נוֹאֲלוּ שָׂרֵי צֹעַן נִשְּׁאוּ שָׂרֵי יג
נֹף הִתְעוּ אֶת־מִצְרַיִם פִּנַּת שְׁבָטֶיהָ׃ יְהוָה מָסַךְ בְּקִרְבָּהּ יד
רוּחַ עִוְעִים וְהִתְעוּ אֶת־מִצְרַיִם בְּכָל־מַעֲשֵׂהוּ כְּהִתָּעוֹת
שִׁכּוֹר בְּקִיאוֹ׃ וְלֹא־יִהְיֶה לְמִצְרַיִם מַעֲשֶׂה אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טו
רֹאשׁ וְזָנָב כִּפָּה וְאַגְמוֹן׃ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה מִצְרַיִם טז
כַּנָּשִׁים וְחָרַד ׀ וּפָחַד מִפְּנֵי תְּנוּפַת יַד־יְהוָה צְבָאוֹת אֲשֶׁר־
הוּא מֵנִיף עָלָיו׃ וְהָיְתָה אַדְמַת יְהוּדָה לְמִצְרַיִם לְחָגָּא יז
כֹּל אֲשֶׁר יַזְכִּיר אֹתָהּ אֵלָיו יִפְחָד מִפְּנֵי עֲצַת יְהוָה
צְבָאוֹת אֲשֶׁר־הוּא יוֹעֵץ עָלָיו׃ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיוּ יח
חָמֵשׁ עָרִים בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם מְדַבְּרוֹת שְׂפַת כְּנַעַן וְנִשְׁבָּעוֹת
לַיהוָה צְבָאוֹת עִיר הַהֶרֶס יֵאָמֵר לְאֶחָת׃ בַּיּוֹם יט
הַהוּא יִהְיֶה מִזְבֵּחַ לַיהוָה בְּתוֹךְ אֶרֶץ מִצְרָיִם וּמַצֵּבָה אֵצֶל־
גְּבוּלָהּ לַיהוָה׃ וְהָיָה לְאוֹת וּלְעֵד לַיהוָה צְבָאוֹת בְּאֶרֶץ כ
מִצְרַיִם כִּי־יִצְעֲקוּ אֶל־יְהוָה מִפְּנֵי לֹחֲצִים וְיִשְׁלַח לָהֶם
מוֹשִׁיעַ וָרָב וְהִצִּילָם׃ וְנוֹדַע יְהוָה לְמִצְרַיִם וְיָדְעוּ מִצְרַיִם כא
אֶת־יְהוָה בַּיּוֹם הַהוּא וְעָבְדוּ זֶבַח וּמִנְחָה וְנָדְרוּ־נֵדֶר לַיהוָה

און איר עצה וועל איך צונישט מאַכן;
און זיי וועלן פאָרשן בײַ די אָפּגעטער, און בײַ די פּרעפּ־
לער,
און בײַ די גייסטער, און בײַ די רוחות.
4 און איך וועל איבערענטפערן מִצרַיִם
אין דער האַנט פון אַ האַרטן האַר,
און אַ שטרענגער מלך וועט געוועלטיקן איבער זיי,
זאָגט דער האַר, גאָט פון צבָאוֹת.
5 און די וואַסערן וועלן אויסגיין פון ים,
און דער טײַך וועט אויסגעטריקנט און טרוקן ווערן.
6 און דומפּיק וועלן ווערן די טײַכן,
פאַרמינערט און אויסגעטריקנט ווערן די פלוסן פון
מִצרַיִם;
ראָר און אַאיר ווערן פאַרוועלקט.
7 הויל ווערט בײַם נילוס,
בײַם ראַנד פונעם נילוס,
און אַלדאָס פאַרזייטע בײַם נילוס
ווערט פאַרטריקנט, פאַרווייט, און ניטאָ.
8 און קלאָגן וועלן די פישער,
און טרויערן וועלן אַלע וואָס וואַרפן אַ ווענטקע אין נילוס,
און די וואָס שפּרייטן אַ נעץ אויפן וואַסער ווערן
פאַרשניטן.
9 און פאַרשעמט וועלן ווערן
די אַרבעטער פון געקאַמטן פלאַקס,
און די וועבער פון ווײַסצייג.
10 און אירע וואַרשטאַטן וועלן זײַן צעקלאַפּט;
אַלע לוינאַרבעטער באַטריבט אין געמיט.

11 לויטער נאַרן זײַנען די האַרן פון צוֹעַן,
די קליגסטע יוֹעצים פון פַּרעהן
זײַנען אַ נאַרישער באַראַט.
ווי קענט איר זאָגן צו פַּרעהן:
אַ זון פון חכמים בין איך,
אַ זון פון מלכים פאַרצײַטיקע?
12 ווו זײַנען זיי דען דײַנע חכמים?
זאָלן זיי אַקאָרשט דיר זאָגן;
און לאָמען וויסן וואָס גאָט פון צבָאוֹת
האָט באַראָטן אויף מִצרַיִם.
13 פאַרנאַרישט זײַנען די האַרן פון צוֹעַן,
אָפּגענאַרט זײַנען די האַרן פון נוֹף;
פאַרפירט האָבן מִצרַיִם
די פּנֵי פון אירע שבטים.
14 גאָט האָט אַרײַנגעגאָסן אין איר
אַ גייסט פון פאַרדרייעניש;
און זיי האָבן געמאַכט מִצרַיִם זיך וואַקלען אין אַל זײַן טואונג
ווי אַ שיכּור טוט זיך וואַקלען בײַ זײַן ברעכן.
15 און אין מִצרַיִם וועט ניט זײַן אַן אויפטו
וואָס אַ קאָפּ אָדער אַן עק,
אַ טײַטלצווײַג אָדער אַ טײַכריטל[א] זאָל אויפטאָן.

16 אין יענעם טאָג וועט מִצרַיִם זײַן אַזוי ווי ווײַבער,
און ער וועט ציטערן און אַנגסטן
פאַרן פאָך פון דער האַנט פון גאָט פון צבָאוֹת,
וואָס ער טוט פאָכן אויף אים.
17 און דאָס לאַנד פון יהודה וועט ווערן פאַר מִצרַיִם אַ
שרעקעניש;
ווען נאָר מע וועט עס אים דערמאָנען, וועט ער אַנגסטן
פאַר דעם באַראָט פון גאָט פון צבָאוֹת,
וואָס ער טוט באַראָטן אויף אים.

18 אין יענעם טאָג וועלן זײַן אין לאַנד מִצרַיִם
פינף שטעט וואָס רעדן די שפּראַך פון כּנַעַן,
און שווערן צו גאָט פון צבָאוֹת;
די שטאָט פון צעשטערונג וועט איינע גערופן ווערן.

19 אין יענעם טאָג
וועט זײַן אַ מזבח צו גאָט אין מיטן לאַנד מִצרַיִם,
און אַ זײַלשטיין צו גאָט בײַ איר געמאַרק.
20 און עס וועט זײַן צום צייכן און צום עדות
פאַר גאָט פון צבָאוֹת אין לאַנד מִצרַיִם;
אַז זיי וועלן שרײַען צו גאָט פון וועגן דריקער,
וועט ער זיי שיקן אַ העלפער און אַ שטרײַטער,
און ער וועט זיי מציל זײַן.
21 און גאָט וועט זיך לאָזן דערקענען צו מִצרַיִם,
און די מִצרים וועלן דערקענען גאָט אין יענעם טאָג,
און דינען מיט שלאַכטאָפּפער און שפּײַזאָפּפער,
און מנדר זײַן אַ נדר צו גאָט און באַצאָלן.

[א] זע ט, 13—14.

כב וְשִׁלֵּמוּ׃ וְנָגַף יְהוָה אֶת־מִצְרַיִם נָגֹף וְרָפוֹא וְשָׁבוּ עַד־יְהוָה
כג וְנֶעְתַּר לָהֶם וּרְפָאָם׃ בַּיּוֹם הַהוּא תִּהְיֶה מְסִלָּה
מִמִּצְרַיִם אַשּׁוּרָה וּבָא־אַשּׁוּר בְּמִצְרַיִם וּמִצְרַיִם בְּאַשּׁוּר
כד וְעָבְדוּ מִצְרַיִם אֶת־אַשּׁוּר׃ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה יִשְׂרָאֵל
כה שְׁלִישִׁיָּה לְמִצְרַיִם וּלְאַשּׁוּר בְּרָכָה בְּקֶרֶב הָאָרֶץ׃ אֲשֶׁר
בֵּרֲכוֹ יְהוָה צְבָאוֹת לֵאמֹר בָּרוּךְ עַמִּי מִצְרַיִם וּמַעֲשֵׂה יָדַי
אַשּׁוּר וְנַחֲלָתִי יִשְׂרָאֵל׃

## כ

א בִּשְׁנַת בֹּא תַרְתָּן אַשְׁדּוֹדָה בִּשְׁלֹחַ אֹתוֹ סַרְגוֹן מֶלֶךְ אַשּׁוּר
ב וַיִּלָּחֶם בְּאַשְׁדּוֹד וַיִּלְכְּדָהּ׃ בָּעֵת הַהִיא דִּבֶּר יְהוָה בְּיַד
יְשַׁעְיָהוּ בֶן־אָמוֹץ לֵאמֹר לֵךְ וּפִתַּחְתָּ הַשַּׂק מֵעַל מָתְנֶיךָ
וְנַעַלְךָ תַחֲלֹץ מֵעַל רַגְלֶךָ וַיַּעַשׂ כֵּן הָלֹךְ עָרוֹם וְיָחֵף׃
ג וַיֹּאמֶר יְהוָה כַּאֲשֶׁר הָלַךְ עַבְדִּי יְשַׁעְיָהוּ עָרוֹם וְיָחֵף שָׁלֹשׁ
ד שָׁנִים אוֹת וּמוֹפֵת עַל־מִצְרַיִם וְעַל־כּוּשׁ׃ כֵּן יִנְהַג מֶלֶךְ־
אַשּׁוּר אֶת־שְׁבִי מִצְרַיִם וְאֶת־גָּלוּת כּוּשׁ נְעָרִים וּזְקֵנִים עָרוֹם
ה וְיָחֵף וַחֲשׂוּפַי שֵׁת עֶרְוַת מִצְרָיִם׃ וְחַתּוּ וָבֹשׁוּ מִכּוּשׁ מַבָּטָם
ו וּמִן־מִצְרַיִם תִּפְאַרְתָּם׃ וְאָמַר יֹשֵׁב הָאִי הַזֶּה בַּיּוֹם הַהוּא
הִנֵּה־כֹה מַבָּטֵנוּ אֲשֶׁר־נַסְנוּ שָׁם לְעֶזְרָה לְהִנָּצֵל מִפְּנֵי מֶלֶךְ
אַשּׁוּר וְאֵיךְ נִמָּלֵט אֲנָחְנוּ׃

## כא

א מַשָּׂא מִדְבַּר־יָם כְּסוּפוֹת בַּנֶּגֶב לַחֲלֹף מִמִּדְבָּר בָּא מֵאֶרֶץ
ב נוֹרָאָה׃ חָזוּת קָשָׁה הֻגַּד־לִי הַבּוֹגֵד ׀ בּוֹגֵד וְהַשּׁוֹדֵד ׀ שׁוֹדֵד
ג עֲלִי עֵילָם צוּרִי מָדַי כָּל־אַנְחָתָה הִשְׁבַּתִּי׃ עַל־כֵּן מָלְאוּ
מָתְנַי חַלְחָלָה צִירִים אֲחָזוּנִי כְּצִירֵי יוֹלֵדָה נַעֲוֵיתִי מִשְּׁמֹעַ
ד נִבְהַלְתִּי מֵרְאוֹת׃ תָּעָה לְבָבִי פַּלָּצוּת בִּעֲתָתְנִי אֵת נֶשֶׁף
ה חִשְׁקִי שָׂם לִי לַחֲרָדָה׃ עָרֹךְ הַשֻּׁלְחָן צָפֹה הַצָּפִית אָכוֹל
ו שָׁתֹה קוּמוּ הַשָּׂרִים מִשְׁחוּ מָגֵן׃ כִּי כֹה אָמַר אֵלַי

כ, ד׳ הפי׳ בפתח    כא, ב׳ הה׳ רפה    פתח בס״פ

22 און גאָט וועט פּלאָגן מִצרַיִם—
פּלאָגן און היילן;
און אַז זיי וועלן זיך אומקערן צו גאָט,
וועט ער זיך איבערבעטן צו זיי, און זיי היילן.
23 אין יענעם טאָג וועט זיין אַ וועג פון מִצרַיִם קיין אַשור,
און אַשור וועט קומען אין מִצרַיִם,
און מִצרַיִם אין אַשור,
און מִצרַיִם וועט דינען [גאָט] מיט אַשור.

24 אין יענעם טאָג וועט ישׂראל זיין
אַ דריטער צו מִצרַיִם און צו אַשור,
אַ בענטשונג אין מיטן פון דער ערד;
25 ווייל גאָט פון צבָאוֹת האָט אים געבענטשט, אַזוי צו זאָגן:
געבענטשט זאָל זיין מיין פאָלק מִצרַיִם,
און דאָס ווערק פון מיינע הענט, אַשור,
און מיין אַרבוגג, ישׂראל.

## כ

1 אין דעם יאָר וואָס תַּרתָּן איז געקומען קיין אַשדוֹד,
ווען סַרגוֹן דער מלך פון אַשור האָט אים געשיקט,
און ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט אַשדוֹד, און האָט זי
באַצוווּנגען; 2 אין יענער צייט האָט גאָט גערעדט דורך
ישַׁעיָהוּ דעם זון פון אָמוֹצן, אַזוי צו זאָגן: גיי, און זאָלסט
אָפּבינדן דאָס זאַק פון דיינע לענדן, און דיין שוך זאָלסטו
אַראָפּציִען פון דיין פוס. האָט ער אַזוי געטאָן: אַרומ־
געגאַנגען נאַקעט און באָרוועס.
3 און גאָט האָט געזאָגט:
אַזוי ווי מיין קנעכט ישַׁעיָהוּ איז אַרומגעגאַנגען
נאַקעט און באָרוועס דריי יאָר,
פאַר אַ סימן און אַ צייכן אויף מִצרַיִם און אויף כּוש,
4 אַזוי וועט דער מלך פון אַשור אַוועקפירן
די געפאַנגענע פון מִצרַיִם, און די פאַרטריבענע פון
כּוש,
יונגע און אַלטע, נאַקעט און באָרוועס,
מיט אָפּגעדעקטן הינטער־לייב, צו דער שאַנד פון
מִצרַיִם.
5 און זיי וועלן זיין צעבראָכן און פאַרשעמט
פון וועגן כּוש, זייער אויסקוק,
און פון וועגן מִצרַיִם, זייער באַרימונג.
6 און דער באַוווינער פון דאָזיקן ברעגלאַנד
וועט זאָגן אין יענעם טאָג:
זע, אַזוי איז געוואָרן פון אונדזער אויסקוק,
וואָס מיר זיינען אַהין געלאָפן נאָך הילף,
ניצול צו ווערן פון מלך פון אַשור,
און ווי וועלן מיר אַנטרונען ווערן?

## כא

1 די נבואה אויף דעם מדבּר ביים ים.
ווי שטורעמס אין דָרום וועט עס דורכגיין;
פון מדבּר קומט עס, פון אַ מוֹראדיקן לאַנד.
2 אַ שווערע זעאונג איז מיר אָנגעזאָגט געוואָרן:
דער פעלשער פעלשט, און דער רויבער רויבט.
גיי, אַרויף עֵילָם! באַלעגער, מָדַי!
אַלע זיפצן וואָס דורך איר מאַך איך אויפהערן.
3 דרום זיינען מיינע לענדן פול מיט ציטערניש,
ווייען האָבן מיך אָנגענומען
ווי ווייען פון אַ געווינערין;
איך בין צעקרימט און קען ניט הערן,
איך בין צעטומלט און קען ניט זען.
4 צעדולט איז מיין האַרץ,
אַן אַנגסט האָט מיך צעגרוילט;
מיין גלוסטיקן אָוונט
האָט מען מיר צו שוידער געמאַכט.
5 מע גרייט דעם טיש,
מע דעקט די דעקע,
מע עסט, מע טרינקט—
„שטייט אויף, איר האַרן,
באַזאַלבט דעם שילד!"

6 וואָרום אַזוי האָט צו מיר גאָט געזאָגט:

אֲדֹנָי לֵךְ הַעֲמֵד הַמְצַפֶּה אֲשֶׁר יִרְאֶה יַגִּיד׃ וְרָאָה רֶכֶב ז
צֶמֶד פָּרָשִׁים רֶכֶב חֲמוֹר רֶכֶב גָּמָל וְהִקְשִׁיב קֶשֶׁב רַב־
קָשֶׁב׃ וַיִּקְרָא אַרְיֵה עַל־מִצְפֶּה ׀ אֲדֹנָי אָנֹכִי עֹמֵד תָּמִיד ח
יוֹמָם וְעַל־מִשְׁמַרְתִּי אָנֹכִי נִצָּב כָּל־הַלֵּילוֹת׃ וְהִנֵּה־זֶה בָא ט
רֶכֶב אִישׁ צֶמֶד פָּרָשִׁים וַיַּעַן וַיֹּאמֶר נָפְלָה נָפְלָה בָּבֶל
וְכָל־פְּסִילֵי אֱלֹהֶיהָ שִׁבַּר לָאָרֶץ׃ מְדֻשָׁתִי וּבֶן־גָּרְנִי אֲשֶׁר י
שָׁמַעְתִּי מֵאֵת יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הִגַּדְתִּי לָכֶם׃
מַשָּׂא דּוּמָה אֵלַי קֹרֵא מִשֵּׂעִיר שֹׁמֵר מַה־מִּלַּיְלָה שֹׁמֵר יא
מַה־מִּלֵּיל׃ אָמַר שֹׁמֵר אָתָא בֹקֶר וְגַם־לָיְלָה אִם־תִּבְעָיוּן יב
בְּעָיוּ שֻׁבוּ אֵתָיוּ׃ מַשָּׂא בַּעְרָב בַּיַּעַר בַּעְרַב תָּלִינוּ יג
אֹרְחוֹת דְּדָנִים׃ לִקְרַאת צָמֵא הֵתָיוּ מָיִם יֹשְׁבֵי אֶרֶץ תֵּימָא יד
בְּלַחְמוֹ קִדְּמוּ נֹדֵד׃ כִּי־מִפְּנֵי חֲרָבוֹת נָדָדוּ מִפְּנֵי ׀ חֶרֶב טו
נְטוּשָׁה וּמִפְּנֵי קֶשֶׁת דְּרוּכָה וּמִפְּנֵי כֹּבֶד מִלְחָמָה׃
כִּי־כֹה אָמַר אֲדֹנָי אֵלָי בְּעוֹד שָׁנָה כִּשְׁנֵי שָׂכִיר וְכָלָה כָּל־ טז
כְּבוֹד קֵדָר׃ וּשְׁאָר מִסְפַּר־קֶשֶׁת גִּבּוֹרֵי בְנֵי־קֵדָר יִמְעָטוּ יז
כִּי יְהוָה אֱלֹהֵי־יִשְׂרָאֵל דִּבֵּר׃

## כב

מַשָּׂא גֵּיא חִזָּיוֹן מַה־לָּךְ אֵפוֹא כִּי־עָלִית כֻּלָּךְ לַגַּגּוֹת׃ א
תְּשֻׁאוֹת ׀ מְלֵאָה עִיר הוֹמִיָּה קִרְיָה עַלִּיזָה חֲלָלַיִךְ לֹא ב
חַלְלֵי־חֶרֶב וְלֹא מֵתֵי מִלְחָמָה׃ כָּל־קְצִינַיִךְ נָדְדוּ־יַחַד ג
מִקֶּשֶׁת אֻסָּרוּ כָּל־נִמְצָאַיִךְ אֻסְּרוּ יַחְדָּו מֵרָחוֹק בָּרָחוּ׃
עַל־כֵּן אָמַרְתִּי שְׁעוּ מִנִּי אֲמָרֵר בַּבֶּכִי אַל־תָּאִיצוּ לְנַחֲמֵנִי ד
עַל־שֹׁד בַּת־עַמִּי׃ כִּי יוֹם מְהוּמָה וּמְבוּסָה וּמְבוּכָה ה
לַאדֹנָי יְהוִה צְבָאוֹת בְּגֵי חִזָּיוֹן מְקַרְקַר קִר וְשׁוֹעַ אֶל־
הָהָר׃ וְעֵילָם נָשָׂא אַשְׁפָּה בְּרֶכֶב אָדָם פָּרָשִׁים וְקִיר ו
עֵרָה מָגֵן׃ וַיְהִי מִבְחַר־עֲמָקַיִךְ מָלְאוּ רָכֶב וְהַפָּרָשִׁים ז
שֹׁת שָׁתוּ הַשָּׁעְרָה׃ וַיְגַל אֵת מָסַךְ יְהוּדָה וַתַּבֵּט בַּיּוֹם ח
הַהוּא אֶל־נֶשֶׁק בֵּית הַיָּעַר׃ וְאֵת בְּקִיעֵי עִיר־דָּוִד רְאִיתֶם ט

גיי שטעל אַ וועכטער;
וואָס ער וועט זען זאָל ער זאָגן.
7 און אַז ער וועט זען אַ גערייט,
געשפּאַנען פערד,
אַ גערייט אייזלען,
אַ גערייט קעמלען,
זאָל ער האָרכן אַ האָרכונג,
אַ האָרכונג אַ גרויסע.

8 האָט ער אויסגעשריען ווי אַ לייב:
אויפן וואַכטורעם, גאָט,
שטיי איך תּמיד בײַ טאָג,
און אויף מיין היטונג
בין איך געשטעלט אַלע נעכט.

9 און זע, אָט איז געקומען
אַ גערייט מענטשן, געשפּאַנען פערד;
און ער האָט אויסגערופן און געזאָגט:
געפאַלן, געפאַלן איז בָּבל,
און אַלע אירע שניצגעטער
האָט מען צעבראָכן צו דער ערד.

10 דו געדראָשענע מיינע,
און קינד פון מיין שייער,
וואָס איך האָב געהערט פון יהוה פון צבָאות
דעם גאָט פון ישׂראל,
אַייך האָב איך דערציילט,

11 די נבואה אויף דוּמָה.
צו מיר רופט מען פון שֵׂעִיר:
וועכטער, וואָס פון דער נאַכט?
וועכטער, וואָס פון דער נאַכט?
12 זאָגט דער וועכטער:
געקומען פרימאָרגן און אויך נאַכט;
אויב איר ווילט פרעגן, פרעגט,
קומט ווידער צו גיין.

13 די נבואה אויף עֲרָב.
ווי אין וואַלד וועט איר נעכטיקן אין עֲרָב,
קאַראַוואַנען פון דדָנים.

14 בּרענגט וואַסער אַנטקעגן דעם דאָרשטיקן;
די באַוווינער פון לאַנד תֵּימאָ
זאָלן באַגעגענען מיט ברויט פאַר אים דעם פאַרוואָגלטן.
15 וואָרום פון שווערדן זיינען זיי אַנטלאָפן,
פון דער געצויגענער שווערד,
און פון דעם געשפּאַנטן בויגן,
און פון דער שווערער מלחמה.

16 וואָרום אַזוי האָט צו מיר גאָט געזאָגט:
אין נאָך אַ יאָר, ווי די יאָרן פון אַ געדונגענעם,
וועט פאַרלענדט ווערן די גאַנצע פּראַכט פון קֵדָר,
17 און די געבליבענע צאָל בויגנלייט,
די גיבּורים פון די קינדער פון קֵדָר,
וועלן זיין ווינציק,
וואָרום יהוה דער גאָט פון ישׂראל האָט גערעדט.

## כב

1 די נבואה אויף דעם טאָל פון זעאונג.
וואָס איז דיר דען
וואָס דו ביסט אין גאַנצן אויף די דעכער אַרויף,
2 דו פולע מיט טומל, דו רוישיקע שטאָט,
דו לוסטיקער כּרַך?
דיינע דערשלאָגענע זיינען ניט פון שווערד דערשלאָגן,
און ניט אין מלחמה געטייטע.

3 אַלע דיינע פירער זיינען אין איינעם אַנטלאָפן,
אָן אַ בויגן זיינען זיי געפאַנגען געוואָרן;
אַלע דיינע געפונענע זיינען אין איינעם געפאַנגען געוואָרן–
די וואָס זיינען אין דער ווייט אַנטלאָפן.
4 דרום האָב איך געזאָגט: קערט אַייך אָפּ פון מיר,
לאָמיך ביטערלעך וויינען;
איר זאָלט ניט צושטיין מיך צו טרייסטן,
אויף דעם בראָך פון דער טאָכטער מיין פאָלק.
5 וואָרום אַ טאָג פון טומל און טרעטונג און צעטומלטקייט
איז בײַ דעם האַר, גאָט פון צבָאות, אין טאָל פון זעאונג;
מע ברעכט מויערן[א], און אַ געשריי ביזן באַרג.
6 און עֵילָם טראָגט דעם פיילבייטל,
מיט אַ מחנה מענטשן רייטער,
און קיר האָט אַנטבלויזט דעם שילד.
7 און עס איז געווען,
אַז דיינע בעסטע טאָלן זיינען פול געוואָרן מיט רייטוועגן,
און די רייטער האָבן שטעלן זיך אויסגעשטעלט קעגן
טויער,
8 און דעם צודעק פון יהודה האָט מען אָפּגעדעקט,
אין יענעם טאָג האָסטו אויסגעקוקט אויפן וואָפן פון וואַלד־
הויז.
9 און די שפּאַלטן פון דודס־שטאָט האָט איר געזען

[א] וואָרטשפּיל: מְקַרְקַר קִר.

אַז זיי זיינען פיל;
און איר האָט אײַנגעזאַמלט דאָס וואַסער פון אונטערשטן טײַך.
10 און די הײַזער פון ירושלַיִם האָט איר פאַרצייכנט,
און אײַנגעוואָרפן די הײַזער צו באַפעסטיקן די מויער.
11 און אַ זאַמלאָרט צווישן די צוויי מויערן האָט איר געמאַכט,
פאַר דעם וואַסער פון אַלטן טײַך.
און איר האָט ניט געקוקט צו דעם וואָס האָט עס געטאָן,
און דעם וואָס האָט עס באַשערט פון לאַנג אָן האָט איר ניט געזען.
12 און דער האַר, גאָט פון צבָאוֹת,
האָט גערופן אין יענעם טאָג,
צו געוויין און צו קלאָג און צו פּליכעניש,
און צום אָנגורטן זאַק;
13 ערשט עס איז ששׂוֹן־ושׂמחה,
קוילן רינדער און שעכטן שאָף,
עסן פלייש, און טרינקען וויין;
„עסן און טרינקען,
וואָרום מאָרגן וועלן מיר שטאַרבן“.
14 און גאָט פון צבָאוֹת האָט זיך אַנטפּלעקט אין מיינע אויערן:
אויב דיזאָזיקע זינד וועט אײַך פאַרגעבן ווערן ביז איר וועט שטאַרבן!
האָט געזאָגט דער האַר, גאָט פון צבָאוֹת.
15 אַזוי האָט געזאָגט דער האַר, גאָט פון צבָאוֹת:
גיי קום צו דעמדאָזיקן אויפזעער,
צו שֶׁבנָא וואָס איבערן פּאַלאַץ:
16 וואָס האָסטו דאָ, און וועמען האָסטו דאָ,
וואָס דו האָסט דיר דאָ אַ קבר אויסגעהאַקט,
דו וואָס האָסט אויסגעהאַקט אין דער הייך דיין קבר,
זיך אויסגעשניטן אין פעלז אַ וווינונג?
17 זע, גאָט שליידערט דיך אַ מאַכטיקן שליידער,
און דרייט דיך אום דרייענדיק;
18 קויליען אין אַ קויל וועט ער דיך אַוועקקוליען,
ווי אַ באַל, אין אַ ברייטרוימיק לאַנד.
דאָרטן וועסטו שטאַרבן,
און דאָרטן וועלן זיין דיינע פּראַכטיקע רייטוועגן,
דו שאַנד פון דעם הויז פון דיין האַר!
19 און איך וועל דיך אַראָפּשטויסן פון דיין שטאַנד,
און פון דיין שטעל וועט מען דיך אַראָפּוואַרפן.
20 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועל איך רופן מיין קנעכט אֶלְיָקים דעם זון פון חִלְקִיָהוּן.
21 און איך וועל אים אָנטאָן דיין העמדל,
און דיין גאַרטל וועל איך אים אַרומבינדן,
און דיין ממשלה וועל איך געבן אין זיין האַנט;
און ער וועט זיין פאַר אַ פאָטער צום באַוווינער פון ירושָלַיִם,
און צום הויז פון יהודה.
22 און איך וועל געבן דעם שליסל פון דודס הויז אויף זיין אַקסל,
און ער וועט עפענען, און קיינער וועט ניט פאַרשליסן,
און ער וועט פאַרשליסן, און קיינער וועט ניט עפענען.
23 און איך וועל אים באַפעסטיקן ווי אַ פּלעקל
אין אַ זיכערן אָרט;
און ער וועט זיין אַ טראָן פון כּבוד פאַר זיין פאָטערס הויז.
24 און דאָס גאַנצע געוועמל פון זיין פאָטערס הויז,
קינד און קייט,
וועלן אָנהענגען אויף אים אַלע קליינע געפעסן,
פון די בעקנגעפעסן און ביז אַלע קרוגעפעסן.
25 אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט פון צבָאוֹת,
וועט אָפּגעטאָן ווערן דאָס פּלעקל
וואָס איז באַפעסטיקט אין אַ זיכערן אָרט,
און וועט אָפּגעהאַקט ווערן און אַראָפּפאַלן,
און די משׂא וואָס אויף אים וועט פאַרשניטן ווערן;
וואָרום גאָט האָט גערעדט.

כג 1 די נבואה אויף צוֹר.
יאָמערט איר שיפן פון תַּרשִׁיש,
וואָרום זי איז פאַרוויסט, אָן אַ הויז, אָן אַן אײַנגאַנג;

י כִּי־רָבּוּ וַתְּקַבְּצוּ אֶת־מֵי הַבְּרֵכָה הַתַּחְתּוֹנָה׃ וְאֶת־בָּתֵּי
יא יְרוּשָׁלַ͏ִם סְפַרְתֶּם וַתִּתְצוּ הַבָּתִּים לְבַצֵּר הַחוֹמָה׃ וּמִקְוָה
עֲשִׂיתֶם בֵּין הַחֹמֹתַיִם לְמֵי הַבְּרֵכָה הַיְשָׁנָה וְלֹא הִבַּטְתֶּם
יב אֶל־עֹשֶׂיהָ וְיֹצְרָהּ מֵרָחוֹק לֹא רְאִיתֶם׃ וַיִּקְרָא אֲדֹנָי יֱהֹוִה
צְבָאוֹת בַּיּוֹם הַהוּא לִבְכִי וּלְמִסְפֵּד וּלְקָרְחָה וְלַחֲגֹר שָׂק׃
יג וְהִנֵּה ׀ שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה הָרֹג ׀ בָּקָר וְשָׁחֹט צֹאן אָכֹל בָּשָׂר
יד וְשָׁתוֹת יָיִן אָכוֹל וְשָׁתוֹ כִּי מָחָר נָמוּת׃ וְנִגְלָה בְאָזְנָי יְהֹוָה
צְבָאוֹת אִם־יְכֻפַּר הֶעָוֹן הַזֶּה לָכֶם עַד־תְּמֻתוּן אָמַר אֲדֹנָי
טו יֱהֹוִה צְבָאוֹת׃ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה צְבָאוֹת לֶךְ־בֹּא
טז אֶל־הַסֹּכֵן הַזֶּה עַל־שֶׁבְנָא אֲשֶׁר עַל־הַבָּיִת׃ מַה־לְּךָ פֹה
וּמִי לְךָ פֹה כִּי־חָצַבְתָּ לְּךָ פֹּה קָבֶר חֹצְבִי מָרוֹם קִבְרוֹ
יז חֹקְקִי בַסֶּלַע מִשְׁכָּן לוֹ׃ הִנֵּה יְהֹוָה מְטַלְטֶלְךָ טַלְטֵלָה
יח גָּבֶר וְעֹטְךָ עָטֹה׃ צָנוֹף יִצְנָפְךָ צְנֵפָה כַּדּוּר אֶל־אֶרֶץ
רַחֲבַת יָדָיִם שָׁמָּה תָמוּת וְשָׁמָּה מַרְכְּבוֹת כְּבוֹדֶךָ קְלוֹן
יט בֵּית אֲדֹנֶיךָ׃ וַהֲדַפְתִּיךָ מִמַּצָּבֶךָ וּמִמַּעֲמָדְךָ יֶהֶרְסֶךָ׃
כ וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא וְקָרָאתִי לְעַבְדִּי לְאֶלְיָקִים בֶּן־חִלְקִיָּהוּ׃
כא וְהִלְבַּשְׁתִּיו כֻּתָּנְתֶּךָ וְאַבְנֵטְךָ אֲחַזְּקֶנּוּ וּמֶמְשַׁלְתְּךָ
אֶתֵּן בְּיָדוֹ וְהָיָה לְאָב לְיוֹשֵׁב יְרוּשָׁלַ͏ִם וּלְבֵית יְהוּדָה׃
כב וְנָתַתִּי מַפְתֵּחַ בֵּית־דָּוִד עַל־שִׁכְמוֹ וּפָתַח וְאֵין סֹגֵר וְסָגַר
כג וְאֵין פֹּתֵחַ׃ וּתְקַעְתִּיו יָתֵד בְּמָקוֹם נֶאֱמָן וְהָיָה לְכִסֵּא כָבוֹד
כד לְבֵית אָבִיו׃ וְתָלוּ עָלָיו כֹּל ׀ כְּבוֹד בֵּית־אָבִיו הַצֶּאֱצָאִים
וְהַצְּפִעוֹת כֹּל כְּלֵי הַקָּטָן מִכְּלֵי הָאַגָּנוֹת וְעַד כָּל־כְּלֵי
כה הַנְּבָלִים׃ בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם יְהֹוָה צְבָאוֹת תָּמוּשׁ הַיָּתֵד
הַתְּקוּעָה בְּמָקוֹם נֶאֱמָן וְנִגְדְּעָה וְנָפְלָה וְנִכְרַת הַמַּשָּׂא אֲשֶׁר־
עָלֶיהָ כִּי יְהֹוָה דִּבֵּר׃

כג

א מַשָּׂא צֹר הֵילִילוּ ׀ אֳנִיּוֹת תַּרְשִׁישׁ כִּי־שֻׁדַּד מִבַּיִת מִבּוֹא

כב, י' הת׳ רפה יד' קמץ בטרחא

ב מֵאֶרֶץ כִּתִּים נִגְלָה־לָמוֹ׃ דֹּמּוּ יֹשְׁבֵי אִי סֹחֵר צִידוֹן עֹבֵר
ג יָם מִלְאוּךְ׃ וּבְמַיִם רַבִּים זֶרַע שִׁחֹר קְצִיר יְאוֹר תְּבוּאָתָהּ
ד וַתְּהִי סְחַר גּוֹיִם׃ בּוֹשִׁי צִידוֹן כִּי־אָמַר יָם מָעוֹז הַיָּם לֵאמֹר
לֹא־חַלְתִּי וְלֹא־יָלַדְתִּי וְלֹא גִדַּלְתִּי בַחוּרִים רוֹמַמְתִּי
ה ו בְתוּלוֹת׃ כַּאֲשֶׁר שֵׁמַע לְמִצְרָיִם יָחִילוּ כְּשֵׁמַע צֹר׃ עִבְרוּ
ז תַּרְשִׁישָׁה הֵילִילוּ יֹשְׁבֵי אִי׃ הֲזֹאת לָכֶם עַלִּיזָה מִימֵי־קֶדֶם
ח קַדְמָתָהּ יֹבִלוּהָ רַגְלֶיהָ מֵרָחוֹק לָגוּר׃ מִי יָעַץ זֹאת עַל־צֹר
ט הַמַּעֲטִירָה אֲשֶׁר סֹחֲרֶיהָ שָׂרִים כִּנְעָנֶיהָ נִכְבַּדֵּי־אָרֶץ׃ יְהוָה
צְבָאוֹת יְעָצָהּ לְחַלֵּל גְּאוֹן כָּל־צְבִי לְהָקֵל כָּל־נִכְבַּדֵּי־
י אָרֶץ׃ עִבְרִי אַרְצֵךְ כַּיְאֹר בַּת־תַּרְשִׁישׁ אֵין מֵזַח
יא עוֹד׃ יָדוֹ נָטָה עַל־הַיָּם הִרְגִּיז מַמְלָכוֹת יְהוָה צִוָּה אֶל־
יב כְּנַעַן לַשְׁמִד מָעֻזְנֶיהָ׃ וַיֹּאמֶר לֹא־תוֹסִיפִי עוֹד לַעְלוֹז
הַמְעֻשָּׁקָה בְּתוּלַת בַּת־צִידוֹן כִּתִּיים קוּמִי עֲבֹרִי גַּם־שָׁם
יג לֹא־יָנוּחַ לָךְ׃ הֵן ׀ אֶרֶץ כַּשְׂדִּים זֶה הָעָם לֹא הָיָה אַשּׁוּר
יְסָדָהּ לְצִיִּים הֵקִימוּ בַחִינָיו עֹרְרוּ אַרְמְנוֹתֶיהָ שָׂמָהּ
יד לְמַפֵּלָה׃ הֵילִילוּ אֳנִיּוֹת תַּרְשִׁישׁ כִּי שֻׁדַּד מָעֻזְּכֶן׃
טו וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא וְנִשְׁכַּחַת צֹר שִׁבְעִים שָׁנָה כִּימֵי מֶלֶךְ
טז אֶחָד מִקֵּץ שִׁבְעִים שָׁנָה יִהְיֶה לְצֹר כְּשִׁירַת הַזּוֹנָה׃ קְחִי
כִנּוֹר סֹבִּי עִיר זוֹנָה נִשְׁכָּחָה הֵיטִיבִי נַגֵּן הַרְבִּי־שִׁיר לְמַעַן
יז תִּזָּכֵרִי׃ וְהָיָה מִקֵּץ ׀ שִׁבְעִים שָׁנָה יִפְקֹד יְהוָה אֶת־צֹר
וְשָׁבָה לְאֶתְנַנָּה וְזָנְתָה אֶת־כָּל־מַמְלְכוֹת הָאָרֶץ עַל־פְּנֵי
יח הָאֲדָמָה׃ וְהָיָה סַחְרָהּ וְאֶתְנַנָּהּ קֹדֶשׁ לַיהוָה לֹא יֵאָצֵר
וְלֹא יֵחָסֵן כִּי לַיֹּשְׁבִים לִפְנֵי יְהוָה יִהְיֶה סַחְרָהּ לֶאֱכֹל
לְשָׂבְעָה וְלִמְכַסֶּה עָתִיק׃

## כד

א הִנֵּה יְהוָה בּוֹקֵק הָאָרֶץ וּבוֹלְקָהּ וְעִוָּה פָנֶיהָ וְהֵפִיץ
ב יֹשְׁבֶיהָ׃ וְהָיָה כָעָם כַּכֹּהֵן כַּעֶבֶד כַּאדֹנָיו כַּשִּׁפְחָה כַּגְּבִרְתָּהּ

כג, יב׳ כתים קרי יג׳ בחוניו קרי יז׳ לא מפיק ה

פון לאַנד פון די כּתּים
איז דאָס זיי אַנטפּלעקט געוואָרן.
2 זייט שטיל, איר באַוווינער פון ברעג;
דו וואָס די סוחרים פון צידון,
די ים־פאָרער, האָבן דיך אָנגעפילט.
3 און איבער גרויסע וואַסערן איז דער זאָמען פון שיחור,
דער שניט פון נילוס, איר אַיינקום געווען;
און זי איז געווען דער מאַרק פון די פעלקער.
4 שעם זיך צידון, וואָרום דער ים האָט געזאָגט,
די פעסטונג פון ים, אַזוי צו זאָגן:
ווי איך וואָלט גאָר ניט געווייטאָקט און ניט געבאָרן,
און קיין בחורים ניט דערצויגן,
אָדער יונגפרויען אויפגעבראַכט.
5 אַז מע וועט הערן אין מִצרַיִם,
וועט מען ציטערן ביי דער הערונג פון צור.

6 גייט אַריבער קיין תּרשיש,
יאָמערט, איר באַוווינער פון ברעג.
7 איז דאָס אייך די לוסטיקע,
וואָס פון פריע פאַרצייטיקע טעג
פלעגן זי פירן אירע פיס
אין דער ווייטן צו וווינען?
8 ווער האָט דאָס באַראָטן אויף צור דער באַקרוינטער,
וואָס אירע סוחרים זיינען געווען שׂררות,
אירע האַנדלסלייט די נִכבדים פון דער ערד?
9 גאָט פון צבָאוֹת האָט דאָס באַראָטן,
צו פאַרשוועכן דעם שטאָלץ פון אַלדער שיינקייט,
צו מאַכן גרינגגעשאַצט אַלע נִכבדים פון דער ערד.
10 איבערפלייץ דיין לאַנד ווי דער נילוס,
טאָכטער תּרשיש, ניטאָ מער קיין אַיינצאַם.
11 ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט איבערן ים,
ער האָט געמאַכט ציטערן מלוכות;
גאָט האָט באַפוילן וועגן כּנַען,
צו פאַרטיליקן אירע פעסטונגען.
12 און ער האָט געזאָגט: וועסט ניט מער לוסטיק זיין,
געשענדטע יונגפרוי טאָכטער צידון.
שטיי אויף, גיי אַריבער קיין כּתּים;
אויך דאָרט וועסטו קיין מנוחה ניט האָבן.

13 זע, דאָס לאַנד פון די כַּשׂדים—
דידאָזיקע אומה איז נאָך ניט געווען
ווען אַשור האָט עס געגרונטפעסט פאַר מדבּר־לייט—
זיי האָבן אויפגעשטעלט זייערע באַלעגערטורעמס,
זיי האָבן אַיינגעוואָרפן אירע פּאַלאַצן;
מע האָט זיי געמאַכט פאַר אַ חורבה.
14 יאָמערט איר שיפן פון תּרשיש,
וואָרום פאַרוויסט געוואָרן איז אַייער פעסטונג.

15 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג:
וועט צור זיין פאַרגעסן זיבעציק יאָר,
אַזוי ווי די טעג פון איין מלך;
צום סוף פון זיבעציק יאָר וועט געשען מיט צור
אַזוי ווי אין געזאַנג פון דער זונה:

16 נעם אַ האַרף,
גיי אום אין שטאָט,
פאַרגעסענע זונה;
שפּיל שיין,
זינג פיל,
כּדי זאָלסט דערמאָנט ווערן.

17 און עס וועט זיין צום סוף פון זיבעציק יאָר,
וועט גאָט זיך דערמאָנען אָן צור,
און זי וועט זיך אומקערן צו איר זונה־לוין,
און וועט ווידער פאַרקערן מיט אַלע קיניגרייכן פון דער
וועלט
אויפן געזיכט פון דער ערד.
18 אָבער איר פאַרדינסט און איר זונה־לוין
וועט זיין הייליק צו גאָט;
ער וועט ניט באַהאַלטן און ניט אַיינגעשלאָסן ווערן;
נייערט פאַר די וואָס זיצן פאַר גאָט וועט זיין איר
פאַרדינסט,
צו עסן צו זאַט, און פאַר אַ צודעק אַ שיינעם.

כד
1 זע, גאָט ליידיקט אויס די ערד און פאַרוויסט זי[א],
און וועט צעדרייען איר פּנים,
און צעשפּרייטן אירע באַוווינער.
2 און עס וועט זיין,
אַזוי דאָס פאָלק אַזוי דער כּהן,
אַזוי דער קנעכט אַזוי זיין האַר,
אַזוי די דינסט אַזוי איר האַרינטע,

[א] וואָרטשפּיל: בּוֹקק ובולקה.

כַּקּוֹנֶה כַּמּוֹכֵר כַּמַּלְוֶה כַּלֹּוֶה כַּנֹּשֶׁה כַּאֲשֶׁר נֹשֶׁא בוֹ׃
ג הִבּוֹק ׀ תִּבּוֹק הָאָרֶץ וְהִבּוֹז ׀ תִּבּוֹז כִּי יְהוָה דִּבֶּר אֶת־
ד הַדָּבָר הַזֶּה׃ אָבְלָה נָבְלָה הָאָרֶץ אֻמְלְלָה נָבְלָה תֵּבֵל
ה אֻמְלָלוּ מְרוֹם עַם־הָאָרֶץ׃ וְהָאָרֶץ חָנְפָה תַּחַת יֹשְׁבֶיהָ
ו כִּי־עָבְרוּ תוֹרֹת חָלְפוּ חֹק הֵפֵרוּ בְּרִית עוֹלָם׃ עַל־כֵּן אָלָה
אָכְלָה אֶרֶץ וַיֶּאְשְׁמוּ יֹשְׁבֵי בָהּ עַל־כֵּן חָרוּ יֹשְׁבֵי אֶרֶץ
ז וְנִשְׁאַר אֱנוֹשׁ מִזְעָר׃ אָבַל תִּירוֹשׁ אֻמְלְלָה־גָפֶן נֶאֶנְחוּ
ח כָּל־שִׂמְחֵי־לֵב׃ שָׁבַת מְשׂוֹשׂ תֻּפִּים חָדַל שְׁאוֹן עַלִּיזִים
ט שָׁבַת מְשׂוֹשׂ כִּנּוֹר׃ בַּשִּׁיר לֹא יִשְׁתּוּ־יָיִן יֵמַר שֵׁכָר לְשֹׁתָיו׃
י יא נִשְׁבְּרָה קִרְיַת־תֹּהוּ סֻגַּר כָּל־בַּיִת מִבּוֹא׃ צְוָחָה עַל־הַיַּיִן
יב בַּחוּצוֹת עָרְבָה כָּל־שִׂמְחָה גָּלָה מְשׂוֹשׂ הָאָרֶץ׃ נִשְׁאַר
יג בָּעִיר שַׁמָּה וּשְׁאִיָּה יֻכַּת־שָׁעַר׃ כִּי כֹה יִהְיֶה בְּקֶרֶב
הָאָרֶץ בְּתוֹךְ הָעַמִּים כְּנֹקֶף זַיִת כְּעוֹלֵלֹת אִם־כָּלָה בָצִיר׃
יד טו הֵמָּה יִשְׂאוּ קוֹלָם יָרֹנּוּ בִּגְאוֹן יְהוָה צָהֲלוּ מִיָּם׃ עַל־כֵּן
בָּאֻרִים כַּבְּדוּ יְהוָה בְּאִיֵּי הַיָּם שֵׁם יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃
טז מִכְּנַף הָאָרֶץ זְמִרֹת שָׁמַעְנוּ צְבִי לַצַּדִּיק וָאֹמַר
רָזִי־לִי רָזִי־לִי אוֹי לִי בֹּגְדִים בָּגָדוּ וּבֶגֶד בּוֹגְדִים בָּגָדוּ׃
יז יח פַּחַד וָפַחַת וָפָח עָלֶיךָ יוֹשֵׁב הָאָרֶץ׃ וְהָיָה הַנָּס מִקּוֹל
הַפַּחַד יִפֹּל אֶל־הַפַּחַת וְהָעוֹלֶה מִתּוֹךְ הַפַּחַת יִלָּכֵד בַּפָּח
יט כִּי־אֲרֻבּוֹת מִמָּרוֹם נִפְתָּחוּ וַיִּרְעֲשׁוּ מוֹסְדֵי אָרֶץ׃ רֹעָה
הִתְרֹעֲעָה הָאָרֶץ פּוֹר הִתְפּוֹרְרָה אֶרֶץ מוֹט הִתְמוֹטְטָה
כ אֶרֶץ׃ נוֹעַ תָּנוּעַ אֶרֶץ כַּשִּׁכּוֹר וְהִתְנוֹדְדָה כַּמְּלוּנָה וְכָבַד
כא עָלֶיהָ פִּשְׁעָהּ וְנָפְלָה וְלֹא־תֹסִיף קוּם׃ וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא
יִפְקֹד יְהוָה עַל־צְבָא הַמָּרוֹם בַּמָּרוֹם וְעַל־מַלְכֵי הָאֲדָמָה
כב עַל־הָאֲדָמָה׃ וְאֻסְּפוּ אֲסֵפָה אַסִּיר עַל־בּוֹר וְסֻגְּרוּ עַל־
כג מַסְגֵּר וּמֵרֹב יָמִים יִפָּקֵדוּ׃ וְחָפְרָה הַלְּבָנָה וּבוֹשָׁה

ב׳ כצ״ל   ד׳ קמץ בטרחא   טז׳ יח׳ קמץ בז״ק   יט׳ כצ״ל מלעיל

אַזוי דער קויפער אַזוי דער פאַרקויפער,
אַזוי דער מַלוֶה אַזוי דער לייער,
אַזוי דער מאָנער אַזוי דער וואָס מע מאָנט פון אים.
3 אויסגעליידיקט וועט אויסגעליידיקט ווערן[א] די ערד,
און צערויבט וועט זי צערויבט ווערן[א];
וואָרום גאָט האָט גערעדט דאָסדאָזיקע וואָרט.
4 פאַראָבלט, פאַרוועלקט[ב] איז די ערד,
פאַרשניטן, פאַרוועלקט איז די וועלט,
פאַרשניטן די הויכע לייט פון דער ערד.
5 און די ערד איז זינדיק אונטער אירע באַוווינער,
וואָרום זיי האָבן עובר געווען אויף די לערנונגען,
איבערגעטרעטן דאָס געזעץ,
פאַרשטערט דעם אייביקן בונד.
6 דרום עסט אויף אַ קללה די ערד,
און פאַרשולדיקט זיינען די וווינער דערין;
דרום גייען אַיין די באַוווינער פון דער ערד,
און מענטשן בלייבן ווינציק.
7 עס טרויערט דער וויין, פאַרוועלקט איז דער וויינשטאָק,
עס זיפצן אַלע פריילעכע הערצער.
8 אויפגעהערט האָט די פרייד פון די פויקן,
פאַרמיטן איז דער ליאַרעם פון די לוסטיקע,
אויפגעהערט האָט די פרייד פון דער האַרף.
9 מע טרינקט ניט קיין וויין מיט געזאַנג,
ביטער איז דער טרונק זיינע טרינקער.
10 צעבראָכן איז די נישטיקע שטאָט,
פאַרשלאָסן איטלעך הויז ניט אַריינצוגיין.
11 אַ וויגעשריי אין די גאַסן ביים וויין;
פאַרפינצטערט איז איטלעכע שׂמחה,
פאַרוואָגלט די פרייד פונעם לאַנד.
12 געבליבן איז אַ וויסטקייט אין שטאָט,
און צעהאַקט אין אַ חורבה איז דער טויער.
13 וואָרום אַזוי וועט עס זיין אין מיטן פון דער ערד,
צווישן די פעלקער;
ווי ביים אָפּקלאַפּן אַן איילבערטבוים,
ווי אַ נאָכקלייב ווען די לעז איז געענדיקט.
14 דידאָזיקע וועלן אויפהייבן זייער קָול אין געזאַנג,
וועגן דער גרויסקייט פון יהוה טוען זיי שאַלן פון ים.
15 דרום טוט ערלעכן יהוה
אין די לענדער פון ליכט,
אויף די אינדזלען פון ים,
דעם נאָמען פון יהוה דעם גאָט פון ישׂראל.

16 פון עק ערד האָבן מיר געזאַנגען געהערט:
„פראַכט צו דעם גערעכטן!"
אָבער איך זאָג:
איך גיי אַיין, איך גיי אַיין, וויי איז מיר!
די פעלשער טוען פעלשן,
יאָ, אַ פעלשונג פעלשן די פעלשער.
17 אַ גרויל און אַ גרוב און אַ נעץ[ג] אויף דיר,
באַוווינער פון דער ערד.
18 און עס וועט זיין,
דער וואָס אַנטלויפט פון דעם קָול פון גרויל,
וועט אַריינפאַלן אין גרוב,
און דער וואָס קומט אַרויף פון גרוב,
וועט געפאַנגען ווערן אין נעץ;
וואָרום די פענצטער פון דער הייך האָבן זיך געעפנט,
און עס שטורעמען די גרונטפעסטן פון דער ערד.
19 ברעכן צעברעכט זיך די ערד,
ברעקלען צעברעקלט זיך די ערד,
וואַקלען טוט זיך וואַקלען די ערד.
20 שאָקלען ווי אַ שיכּורער וועט זיך שאָקלען די ערד,
און וועט זיך טרייסלען ווי אַ נאַכטביידל;
און שווער וועט זיין איר פאַרברעך אויף איר,
און זי וועט פאַלן, און מער ניט אויפשטיין.

21 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועט גאָט זיך רעכענען מיט דעם חיל פון דער הייך
אין דער הייך,
און מיט די מלכים פון דער ערד
אויף דער ערד.
22 און זיי וועלן אַיינגעזאַמלט ווערן
ווי מע זאַמלט געפאַנגענע אין תּפיסה,
און זיי וועלן אַיינגעשלאָסן ווערן אין פעסטונג,
און ערשט נאָך פיל טעג וועלן זיי דערמאָנט ווערן.
23 און די לבנה וועט זיך שעמען,

[א] וואָרטשפּיל: הִבּוֹק תִּבּוֹק–וְהִבּוֹז תִּבּוֹז.
[ב] וואָרטשפּיל: אָבְלָה נָבְלָה.
[ג] וואָרטשפּיל: פַּחַד וָפַחַת וָפָח.

הַחַמָּה כִּי־מָלַךְ יְהוָה צְבָאוֹת בְּהַר צִיּוֹן וּבִירוּשָׁלִַם וְנֶגֶד
זְקֵנָיו כָּבוֹד׃

כה

יְהוָה אֱלֹהַי אַתָּה אֲרוֹמִמְךָ אוֹדֶה שִׁמְךָ כִּי עָשִׂיתָ פֶּלֶא א
עֵצוֹת מֵרָחֹק אֱמוּנָה אֹמֶן׃ כִּי שַׂמְתָּ מֵעִיר לַגָּל קִרְיָה ב
בְצוּרָה לְמַפֵּלָה אַרְמוֹן זָרִים מֵעִיר לְעוֹלָם לֹא יִבָּנֶה׃ עַל־ ג
כֵּן יְכַבְּדוּךָ עַם־עָז קִרְיַת גּוֹיִם עָרִיצִים יִירָאוּךָ׃ כִּי־הָיִיתָ ד
מָעוֹז לַדָּל מָעוֹז לָאֶבְיוֹן בַּצַּר־לוֹ מַחְסֶה מִזֶּרֶם צֵל מֵחֹרֶב
כִּי רוּחַ עָרִיצִים כְּזֶרֶם קִיר׃ כְּחֹרֶב בְּצָיוֹן שְׁאוֹן זָרִים ה
תַּכְנִיעַ חֹרֶב בְּצֵל עָב זְמִיר עָרִיצִים יַעֲנֶה׃ וְעָשָׂה ו
יְהוָה צְבָאוֹת לְכָל־הָעַמִּים בָּהָר הַזֶּה מִשְׁתֵּה שְׁמָנִים
מִשְׁתֵּה שְׁמָרִים שְׁמָנִים מְמֻחָיִם שְׁמָרִים מְזֻקָּקִים׃ וּבִלַּע ז
בָּהָר הַזֶּה פְּנֵי־הַלּוֹט ׀ הַלּוֹט עַל־כָּל־הָעַמִּים וְהַמַּסֵּכָה
הַנְּסוּכָה עַל־כָּל־הַגּוֹיִם׃ בִּלַּע הַמָּוֶת לָנֶצַח וּמָחָה אֲדֹנָי ח
יְהוִה דִּמְעָה מֵעַל כָּל־פָּנִים וְחֶרְפַּת עַמּוֹ יָסִיר מֵעַל כָּל־
הָאָרֶץ כִּי יְהוָה דִּבֵּר׃ וְאָמַר בַּיּוֹם הַהוּא הִנֵּה ט
אֱלֹהֵינוּ זֶה קִוִּינוּ לוֹ וְיוֹשִׁיעֵנוּ זֶה יְהוָה קִוִּינוּ לוֹ נָגִילָה
וְנִשְׂמְחָה בִּישׁוּעָתוֹ׃ כִּי־תָנוּחַ יַד־יְהוָה בָּהָר הַזֶּה וְנָדוֹשׁ י
מוֹאָב תַּחְתָּיו כְּהִדּוּשׁ מַתְבֵּן בְּמֵי מַדְמֵנָה׃ וּפֵרַשׂ יָדָיו יא
בְּקִרְבּוֹ כַּאֲשֶׁר יְפָרֵשׂ הַשֹּׂחֶה לִשְׂחוֹת וְהִשְׁפִּיל גַּאֲוָתוֹ עִם
אָרְבּוֹת יָדָיו׃ וּמִבְצַר מִשְׂגַּב חוֹמֹתֶיךָ הֵשַׁח הִשְׁפִּיל הִגִּיעַ יב
לָאָרֶץ עַד־עָפָר׃

כו

בַּיּוֹם הַהוּא יוּשַׁר הַשִּׁיר־הַזֶּה בְּאֶרֶץ יְהוּדָה עִיר עָז־לָנוּ א
יְשׁוּעָה יָשִׁית חוֹמוֹת וָחֵל׃ פִּתְחוּ שְׁעָרִים וְיָבֹא גוֹי־צַדִּיק ב
שֹׁמֵר אֱמֻנִים׃ יֵצֶר סָמוּךְ תִּצֹּר שָׁלוֹם ׀ שָׁלוֹם כִּי בְךָ בָּטוּחַ׃ ג
בִּטְחוּ בַיהוָה עֲדֵי־עַד כִּי בְּיָהּ יְהוָה צוּר עוֹלָמִים׃ כִּי ד ה

כה, י׳ במ קי

און די זון וועט פאַרשעמט ווערן,
וואָרום גאָט פון צבָאות טוט קיניגן
אויף באַרג ציון, און אין ירושָלַיִם;
און אַנטקעגן זיינע עלטסטע וועט זיין אַ פּראַכטיקייט.

כה 1 יהוה, דו ביסט מיין גאָט,
איך וועל דיך דערהייבן,
איך וועל לויבן דיין נאָמען,
וואָרום האָסט אויפגעטאָן ווונדער;
די באַראָטן פון לאַנג אָן–
מיט טרייער געטריישאַפט.
2 וואָרום האָסט געמאַכט פון אַ שטאָט אַ הויפן,
אַ באַפעסטיקטן כּרך פאַר אַ חורבה,
די פּאַלאַצן פון פרעמדע פאַר אויס שטאָט,
זיי זאָלן אייביק ניט אָפּגעבויט ווערן.
3 דרום וועט דיך ערלעכן די שטאַרקע אומה,
דער כּרך פון מאַכטיקע פעלקער וועט דיך פאָרכטן.
4 וואָרום ביסט געווען אַ פעסטונג דעם אָרימאַן,
אַ פעסטונג דעם באַדערפטיקן אין זיין נויט,
אַ שוץ פון גוסרעגן, אַ שאָטן פון היץ;
וואָרום דער צאָרן פון די מאַכטיקע
איז ווי אַ גוסרעגן אויף אַ וואַנט.
5 אַזוי ווי היץ אין אַ טרוקענעם לאַנד,
דאָס גערויש פון די פרעמדע אונטערטעניקסטו;
ווי היץ דורך אַ וואָלקנשאָטן,
ווערט דאָס געזאַנג פון די מאַכטיקע פאַרדריקט.

6 און גאָט פון צבָאות וועט מאַכן
פאַר אַלע פעלקער אויף דעמדאָזיקן באַרג,
אַ מאָלצייט פון פעטשפּייזן[א],
אַ מאָלצייט פון הייוונווײַנען[ב],
פעטשפּייזן מאַרכיקע,
הייוונווײַנען געלייטערטע.
7 און ער וועט פאַרטיליקן אויף דעמדאָזיקן באַרג
דעם צודעק וואָס דעקט צו אַלע פעלקער,
און דעם שלייער וואָס איז געשלייערט אויף אַלע אומות.
8 ער וועט פאַרטיליקן דעם טויט אויף אייביק;
און גאָט דער האַר וועט אָפּווישן
די טרערן פון איטלעכן פּנים,
און די שאַנד פון זיין פאָלק
וועט ער אָפּטאָן פון דער גאַנצער ערד;
וואָרום גאָט האָט גערעדט.

9 און מע וועט זאָגן אין יענעם טאָג:
זע, דאָס איז אונדזער גאָט,
וואָס מיר האָבן געהאָפט צו אים ער זאָל אונדז העלפן,
דאָס איז יהוה וואָס מיר האָבן געהאָפט צו אים,
לאָמיר לוסטיק זיין און זיך פרייען מיט זיין הילף.
10 וואָרום די האַנט פון גאָט וועט רוען אויף דעמדאָזיקן באַרג,
און מואָב וועט צעטרעטן ווערן אויף זיין אָרט,
ווי שטרוי ווערט צעטרעטן אין מיסטהויפן.
11 און ער וועט אויסשפּרייטן דערין זיינע הענט,
ווי אַ שווימער שפּרייט אויס צום שווימען;
אָבער מע וועט דערנידערן זיין גאווה
מיט די קונצן פון זיינע הענט:
12 און די הויכע פעסטונג פון דיינע מויערן
בייגט ער, דערנידערט ער,
ברענגט ער צו דער ערד ביזן שטויב.

כו 1 אין יענעם טאָג וועט געזונגען ווערן
דאָסדאָזיקע געזאַנג אין לאַנד יהודה:
אַ שטאַרקע שטאָט האָבן מיר;
מויערן און פעסטונגען מאַכט ער פאַר הילף.
2 עפנט די טויערן,
און זאָל אַריינגיין דאָס גערעכטע פאָלק,
וואָס היט אָפּ געטריישאַפט.
3 דאָס געמיט וואָס פאַרלאָזט זיך
באַהיטסטו אין שלום;
אין שלום, ווייל עס פאַרזיכערט זיך אויף דיר.
4 פאַרזיכערט אייך אויף יהוה ביז אייביק,
וואָרום אין יָה יהוה איז אַן אייביקער פעלז.

א–ב וואָרטשפּיל: שְׁמָנִים–שְׁמָרִים.

הֵשַׁח יֹשְׁבֵי מָרוֹם קִרְיָה נִשְׂגָּבָה יַשְׁפִּילֶנָּה יַשְׁפִּילָהּ עַד־
ו אֶרֶץ יַגִּיעֶנָּה עַד־עָפָר׃ תִּרְמְסֶנָּה רָגֶל רַגְלֵי עָנִי פַּעֲמֵי
ז דַלִּים׃ אֹרַח לַצַּדִּיק מֵישָׁרִים יָשָׁר מַעְגַּל צַדִּיק תְּפַלֵּס׃
ח אַף אֹרַח מִשְׁפָּטֶיךָ יְהוָה קִוִּינוּךָ לְשִׁמְךָ וּלְזִכְרְךָ תַּאֲוַת־
ט נָפֶשׁ׃ נַפְשִׁי אִוִּיתִךָ בַּלַּיְלָה אַף־רוּחִי בְקִרְבִּי אֲשַׁחֲרֶךָּ
י כִּי כַּאֲשֶׁר מִשְׁפָּטֶיךָ לָאָרֶץ צֶדֶק לָמְדוּ יֹשְׁבֵי תֵבֵל׃ יֻחַן
רָשָׁע בַּל־לָמַד צֶדֶק בְּאֶרֶץ נְכֹחוֹת יְעַוֵּל וּבַל־יִרְאֶה גֵּאוּת
יא יְהוָה׃ יְהוָה רָמָה יָדְךָ בַּל־יֶחֱזָיוּן יֶחֱזוּ וְיֵבֹשׁוּ קִנְאַת־
יב עָם אַף־אֵשׁ צָרֶיךָ תֹאכְלֵם׃ יְהוָה תִּשְׁפֹּת שָׁלוֹם
יג לָנוּ כִּי גַּם־כָּל־מַעֲשֵׂינוּ פָּעַלְתָּ לָּנוּ׃ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ
יד בְּעָלוּנוּ אֲדֹנִים זוּלָתֶךָ לְבַד־בְּךָ נַזְכִּיר שְׁמֶךָ׃ מֵתִים בַּל־
יִחְיוּ רְפָאִים בַּל־יָקֻמוּ לָכֵן פָּקַדְתָּ וַתַּשְׁמִידֵם וַתְּאַבֵּד כָּל־
טו זֵכֶר לָמוֹ׃ יָסַפְתָּ לַגּוֹי יְהוָה יָסַפְתָּ לַגּוֹי נִכְבָּדְתָּ רִחַקְתָּ
טז כָּל־קַצְוֵי־אָרֶץ׃ יְהוָה בַּצַּר פְּקָדוּךָ צָקוּן לַחַשׁ
יז מוּסָרְךָ לָמוֹ׃ כְּמוֹ הָרָה תַּקְרִיב לָלֶדֶת תָּחִיל תִּזְעַק
יח בַּחֲבָלֶיהָ כֵּן הָיִינוּ מִפָּנֶיךָ יְהוָה׃ הָרִינוּ חַלְנוּ כְּמוֹ יָלַדְנוּ
יט רוּחַ יְשׁוּעֹת בַּל־נַעֲשֶׂה אֶרֶץ וּבַל־יִפְּלוּ יֹשְׁבֵי תֵבֵל׃ יִחְיוּ
מֵתֶיךָ נְבֵלָתִי יְקוּמוּן הָקִיצוּ וְרַנְּנוּ שֹׁכְנֵי עָפָר כִּי טַל אוֹרֹת
כ טַלֶּךָ וָאָרֶץ רְפָאִים תַּפִּיל׃ לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ
וּסְגֹר דְּלָתְךָ בַּעֲדֶךָ חֲבִי כִמְעַט־רֶגַע עַד־יַעֲבָור־זָעַם׃
כא כִּי־הִנֵּה יְהוָה יֹצֵא מִמְּקוֹמוֹ לִפְקֹד עֲוֹן יֹשֵׁב־הָאָרֶץ עָלָיו
וְגִלְּתָה הָאָרֶץ אֶת־דָּמֶיהָ וְלֹא־תְכַסֶּה עוֹד עַל־הֲרוּגֶיהָ׃

כז

א בַּיּוֹם הַהוּא יִפְקֹד יְהוָה בְּחַרְבוֹ הַקָּשָׁה וְהַגְּדוֹלָה וְהַחֲזָקָה
עַל לִוְיָתָן נָחָשׁ בָּרִחַ וְעַל לִוְיָתָן נָחָשׁ עֲקַלָּתוֹן וְהָרַג אֶת־
ב הַתַּנִּין אֲשֶׁר בַּיָּם׃ בַּיּוֹם הַהוּא כֶּרֶם חֶמֶר עַנּוּ־לָהּ׃
ג אֲנִי יְהוָה נֹצְרָהּ לִרְגָעִים אַשְׁקֶנָּה פֶּן יִפְקֹד עָלֶיהָ לַיְלָה

כו, כ׳ יתיר י׳ יתיר ף

5 וואָרום ער האָט געבייגט די וואָס זיצן אין דער הייך,
די דערהויבענע שטאָט;
ער דערנידערט זי, ער דערנידערט זי ביז דער ערד,
ער ברענגט זי ביזן שטויב.
6 דער פוס וועט זי צעטרעטן,
די פיס פון דעם אָרימען,
די טריט פון באַדערפטיקע.

7 דער וועג פון גערעכטן איז גלייך;
דו רעכטפאַרטיקער, מאַכסט גלאַט דעם שטעג פון גערעכטן;
8 יאָ, אויף דעם וועג פון דיינע משפטים
האָבן מיר געהאָפט אויף דיר, גאָט;
צו דיין נאָמען און צו דיין געדעכעניש
איז די גלוסטונג פון דער זעל.
9 מיט מיין זעל האָב איך דיך געגלוסט ביי נאַכט,
יאָ, מיט מיין גייסט אין מיר האָב איך דיך געזוכט,
וואָרום אַז דיינע משפטים זיינען אויף דער ערד,
לערנען גערעכטיקייט די באַוווינער פון דער וועלט.
10 ווערט דער רשע געלייטזעליקט,
לערנט ער ניט גערעכטיקייט;
אין לאַנד פון ערלעכקייט טוט ער אומרעכט,
און ער זעט ניט די גרויסקייט פון גאָט.

11 גאָט, אויפגעהויבן איז דיין האַנט,
אָבער זיי זעען ניט;
זאָלן זיי זען און זיך שעמען
דיין אָנגעמען זיך פאַרן פאָלק;
יאָ, אַ פייער זאָל דיינע פיינט פאַרצערן.
12 גאָט, באַשער אונדז שלום,
וואָרום אויך אַלע אונדזערע אויפטוען
האָסט דו אויסגעפירט פאַר אונדז.
13 יהוה אונדזער גאָט,
האַרן אַחוץ דיר האָבן געהערשט איבער אונדז.
אָבער נאָר דיך האָבן מיר דערמאָנט–דיין נאָמען.
14 די מתים וועלן ניט לעבעדיק ווערן,
די טויטע וועלן ניט אויפשטיין;
פאַרוואָר האָסט געשטראָפט און זיי פאַרטיליקט,
און אונטערגעבראַכט יעטוועדער זכר פון זיי.
15 האָסט געמערט ביי די פעלקער, גאָט,
האָסט געמערט ביי די פעלקער דיין כבוד;
האָסט דערגרייכט אַלע ווייטע עקן פון דער ערד.

16 גאָט, אין נויט האָבן זיי דיך דערמאָנט,
זיי האָבן אויסגעגאָסן אַ שטיל געבעט,
ווען דיין שטראָף איז געווען אויף זיי.
17 ווי אַ טראָגעדיקע וואָס גייט צו קינד,
דרייט זיך, שרייט אין אירע ווייען,
אַזוי זיינען מיר געווען פאַר דיר, גאָט.
18 מיר האָבן געטראָגן, מיר האָבן געווייטאָקט,
און אַזוי ווי מיר וואָלטן ווינט געבאָרן;
קיין ישועות האָבן מיר ניט אויסגעווירקט אין לאַנד,
און ניט אויפגעלעבט האָבן די באַוווינער פון דער וועלט.
19 זאָלן אויפלעבן דיינע מתים,
מיינע טויטע לייבער זאָלן אויפשטיין!
וואַכט אויף און זינגט, איר וואָס רוט אין שטויב;
וואָרום אַ טוי פון ליכטיקייט איז דיין טוי,
און די ערד וועט די טויטע אַרויסגעבן.

20 קום, מיין פאָלק, גיי אַריין אין דיינע קאַמערן,
און פאַרשליס דיין טיר הינטער דיר;
באַהאַלט זיך אויף אַ קליין ווײַלע,
ביז דער צאָרן וועט אַריבער.
21 וואָרום זע, גאָט גייט אַרויס פון זיין אָרט,
צו באַשטראָפן די באַוווינער פון דער ערד פאַר זייער זינד,
און די ערד וועט אַנטפּלעקן איר בלוט,
און וועט מער ניט פאַרדעקן אירע הרוגים.

כז 1 אין יענעם טאָג וועט גאָט באַשטראָפן
מיט זיין האַרטער און גרויסער און שטאַרקער שווערד,
דעם לִויָתן, די לויפיקע שלאַנג,
און דעם לִויָתן, די געדרייטע שלאַנג;
און ער וועט טייטן דעם קראָקאָדיל וואָס אין ים.
2 אין יענעם טאָג זינגט צו איר:
וויינגאָרטן פון שוימיקן וויין!
3 איך גאָט בין זיין היטער,
אַלע רגע באַוועסער איך אים;
טאָמער וועט מען אים בייז טאָן,

ד וָיוֹם אֶצֳּרֶנָּה׃ חֵמָה אֵין לִי מִי־יִתְּנֵנִי שָׁמִיר שַׁיִת בַּמִּלְחָמָה
ה אֶפְשְׂעָה בָהּ אֲצִיתֶנָּה יָּחַד׃ אוֹ יַחֲזֵק בְּמָעֻזִּי יַעֲשֶׂה שָׁלוֹם
ו לִי שָׁלוֹם יַעֲשֶׂה־לִּי׃ הַבָּאִים יַשְׁרֵשׁ יַעֲקֹב יָצִיץ וּפָרַח
ז יִשְׂרָאֵל וּמָלְאוּ פְנֵי־תֵבֵל תְּנוּבָה׃ הַכְּמַכַּת מַכֵּהוּ
ח הִכָּהוּ אִם־כְּהֶרֶג הֲרֻגָיו הֹרָג׃ בְּסַאסְּאָה בְּשַׁלְחָהּ תְּרִיבֶנָּה
ט הָגָה בְּרוּחוֹ הַקָּשָׁה בְּיוֹם קָדִים׃ לָכֵן בְּזֹאת יְכֻפַּר עֲוֺן־
יַעֲקֹב וְזֶה כָּל־פְּרִי הָסִר חַטָּאתוֹ בְּשׂוּמוֹ׀ כָּל־אַבְנֵי מִזְבֵּחַ
י כְּאַבְנֵי־גִר מְנֻפָּצוֹת לֹא־יָקֻמוּ אֲשֵׁרִים וְחַמָּנִים׃ כִּי עִיר
בְּצוּרָה בָּדָד נָוֶה מְשֻׁלָּח וְנֶעֱזָב כַּמִּדְבָּר שָׁם יִרְעֶה עֵגֶל
יא וְשָׁם יִרְבָּץ וְכִלָּה סְעִפֶיהָ׃ בִּיבֹשׁ קְצִירָהּ תִּשָּׁבַרְנָה
נָשִׁים בָּאוֹת מְאִירוֹת אוֹתָהּ כִּי לֹא עַם־בִּינוֹת הוּא עַל־כֵּן
יב לֹא־יְרַחֲמֶנּוּ עֹשֵׂהוּ וְיֹצְרוֹ לֹא יְחֻנֶּנּוּ׃ וְהָיָה בַּיּוֹם
הַהוּא יַחְבֹּט יְהוָה מִשִּׁבֹּלֶת הַנָּהָר עַד־נַחַל מִצְרָיִם וְאַתֶּם
יג תְּלֻקְּטוּ לְאַחַד אֶחָד בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְהָיָה׀ בַּיּוֹם הַהוּא
יִתָּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל וּבָאוּ הָאֹבְדִים בְּאֶרֶץ אַשּׁוּר וְהַנִּדָּחִים
בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְהִשְׁתַּחֲווּ לַיהוָה בְּהַר הַקֹּדֶשׁ בִּירוּשָׁלִָם׃

כח

א הוֹי עֲטֶרֶת גֵּאוּת שִׁכֹּרֵי אֶפְרַיִם וְצִיץ נֹבֵל צְבִי תִפְאַרְתּוֹ
ב אֲשֶׁר עַל־רֹאשׁ גֵּיא־שְׁמָנִים הֲלוּמֵי יָיִן׃ הִנֵּה חָזָק וְאַמִּץ
לַאדֹנָי כְּזֶרֶם בָּרָד שַׂעַר קָטֶב כְּזֶרֶם מַיִם כַּבִּירִים שֹׁטְפִים
ג הִנִּיחַ לָאָרֶץ בְּיָד׃ בְּרַגְלַיִם תֵּרָמַסְנָה עֲטֶרֶת גֵּאוּת שִׁכּוֹרֵי
ד אֶפְרָיִם׃ וְהָיְתָה צִיצַת נֹבֵל צְבִי תִפְאַרְתּוֹ אֲשֶׁר עַל־רֹאשׁ
גֵּיא שְׁמָנִים כְּבִכּוּרָהּ בְּטֶרֶם קַיִץ אֲשֶׁר יִרְאֶה הָרֹאֶה
ה אוֹתָהּ בְּעוֹדָהּ בְּכַפּוֹ יִבְלָעֶנָּה׃ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה
יְהוָה צְבָאוֹת לַעֲטֶרֶת צְבִי וְלִצְפִירַת תִּפְאָרָה לִשְׁאָר
ו עַמּוֹ׃ וּלְרוּחַ מִשְׁפָּט לַיּוֹשֵׁב עַל־הַמִּשְׁפָּט וְלִגְבוּרָה
ז מְשִׁיבֵי מִלְחָמָה שָׁעְרָה׃ וְגַם־אֵלֶּה בַּיַּיִן שָׁגוּ וּבַשֵּׁכָר תָּעוּ

---

כז. ג׳ דצ׳ סדיק ד׳ הטי סדיק ו׳ המסרת שקצת לאשכנזים י׳ קמץ בטרחא

כח, ו׳ נ״א ולרוח משפט ליושב על-המשפט

---

אים היט איך בײַ נאַכט און בײַ טאָג.
4 קיין צאָרן איז ניטאָ אין מיר;
ווען דאָס איז מיר דערנער און ווילדגעוועקס!
איך וואָלט אין מלחמה געטרעטן דערויף;
איך וואָלט עס פאַרברענט מיטאַנאַנדער.
5 ווען ערא זאָל זיך נאָר האַלטן אָן מיין שטאַרקייט,
מאַכן שלום מיט מיר,
מיט מיר שלום מאַכן!

6 אין די קומעדיקע טעג וועט זיך אײַנוואָרצלען יעקב,
שפּראָצן און בליען וועט ישׂראל,
און דאָס געזיכט פון דער וועלט וועט פול זיין מיט פרוכט.

7 האָט ער אים געשלאָגן ווי ער האָט זיין שלעגער געשלאָגן?
אָדער איז ער ווי די טייטונג פון זיינע געטייטע געטייט
געוואָרן?
8 ווען פול די מאָס, באַשטראָפסטו זי מיט אַוועקשיקן;
ער האָט זי פאַרטריבן אין זיין שווער געמיט
אין טאָג פון מזרח־ווינט.
9 דרום וועט דערמיט פאַרגעבן ווערן די זינד פון יעקב,
און דאָס איז אַלדער אָפּצאָל פאַר אָפּטאָן זיין חטא:
ווען ער וועט מאַכן אַלע מזבח־שטיינער
ווי קאַלכשטיינער צעהאַקטע,
אַז מער זאָלן ניט אויפשטיין
קיין געצנביימער און קיין זונזיילן.
10 וואָרום די באַפעסטיקטע שטאָט איז אַליין,
אַ וווינונג אַוועקגעוואָרפן און פאַרלאָזט ווי אַ מדבר;
דאָרט וועט זיך פיטערן אַ קאַלב, און דאָרט וועט עס
הויערן,
און פאַרלענדן אירע צווייגן.
11 ווען אירע ריטלעך זיינען פאַרדאַרט,
ווען זיי אָפּגעבראָכן ווערן;
ווייבער קומען און צינדן זי אָן.
וואָרום אַ פאָלק אָן פאַרשטאַנדיקייט איז דאָס;
דרום וועט אים ניט דערבאַרימען זיין בורא,
און זיין באַשעפער וועט אים ניט לייטזעליקן.

12 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועט גאָט אָפּקלאַפּן [זיין פרוכט]
פון שטראָם פון דעם טייךב,
ביז דעם טייך פון מִצרַיִם,
און איר וועט אויפגעקליבן ווערן איינציק־איינציקווייז,
קינדער פון ישׂראל.

13 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועט געבלאָזן ווערן אין אַ גרויסן שופר,
און עס וועלן קומען די פאַרלאָרענע אין לאַנד אַשור,
און די פאַרשטויסענע אין לאַנד מִצרַיִם,
און זיי וועלן זיך בוקן צו גאָט
אויפן הייליקן באַרג אין ירושָלַיִם.

# כח

1 וויי, די שטאָלצע קרוין
פון די שיכּורים פון אפרים,
און די וועלקעדיקע בליעכץ
פון זיין פּראַכטיקער שיינקייט,
וואָס אויפן שטאָלצבאַזאַלבטן קאָפּ
פון די וויינפאַרטומלטע!
2 זע, גאָט האָט אַ שטאַרקן און אַ מאַכטיקן,
ווי אַ האָגלגעוויטער, אַ שטורעם פון צעשטערונג,
ווי אַ שטראָם פון שטאַרקע, פלייציקע וואַסערן,
וואָס לייגט צו דער ערד מיט געוואַלט.
3 מיט די פיס וועט צעטרעטן ווערן
די שטאָלצע קרוין פון די שיכּורים פון אפרים.
4 און די וועלקעדיקע בליעכץ פון זיין פּראַכטיקער שיינקייט,
וואָס אויפן שטאָלצבאַזאַלבטן קאָפּ,
וועט זיין ווי אַן ערשטפרוכט פאַר זומער,
וואָס אַז דער זעער דערזעט זי,
שלינגט ער זי איין ווען זי איז נאָך אין זיין האַנט.

5 אין יענעם טאָג וועט גאָט פון צבָאוֹת זיין
פאַר אַ קרוין פון שיינקייט,
און פאַר אַ קראַנץ פון פּראַכטיקייט,
פאַר דעם איבערבלייב פון זיין פאָלק,
6 און פאַר אַ גייסט פון משפּט
פאַר דעם וואָס זיצט איבערן משפּט,
און פאַר גבורה
צו די וואָס שלאָגן צוריק די מלחמה בײַם טויער.

7 און אויך דידאָזיקע וואַקלען זיך פון וויין,
און שאָקלען זיך פון טרונק;

---

א ישׂראל. ב פּרָת.

כֹּהֵן וְנָבִיא שָׁגוּ בַשֵּׁכָר נִבְלְעוּ מִן־הַיַּיִן תָּעוּ מִן־הַשֵּׁכָר שָׁגוּ
ח בָּרֹאֶה פָּקוּ פְּלִילִיָּה׃ כִּי כָּל־שֻׁלְחָנוֹת מָלְאוּ קִיא צֹאָה
ט בְּלִי מָקוֹם׃ אֶת־מִי יוֹרֶה דֵעָה וְאֶת־מִי יָבִין שְׁמוּעָה
י גְּמוּלֵי מֵחָלָב עַתִּיקֵי מִשָּׁדָיִם׃ כִּי צַו לָצָו צַו לָצָו קַו
יא לָקָו קַו לָקָו זְעֵיר שָׁם זְעֵיר שָׁם׃ כִּי בְּלַעֲגֵי שָׂפָה וּבְלָשׁוֹן
יב אַחֶרֶת יְדַבֵּר אֶל־הָעָם הַזֶּה׃ אֲשֶׁר ׀ אָמַר אֲלֵיהֶם זֹאת
הַמְּנוּחָה הָנִיחוּ לֶעָיֵף וְזֹאת הַמַּרְגֵּעָה וְלֹא אָבוּא שְׁמוֹעַ׃
יג וְהָיָה לָהֶם דְּבַר־יְהוָה צַו לָצָו צַו לָצָו קַו לָקָו קַו לָקָו
זְעֵיר שָׁם זְעֵיר שָׁם לְמַעַן יֵלְכוּ וְכָשְׁלוּ אָחוֹר וְנִשְׁבָּרוּ
יד וְנוֹקְשׁוּ וְנִלְכָּדוּ׃ לָכֵן שִׁמְעוּ דְבַר־יְהוָה אַנְשֵׁי לָצוֹן
טו מֹשְׁלֵי הָעָם הַזֶּה אֲשֶׁר בִּירוּשָׁלָםִ׃ כִּי אֲמַרְתֶּם כָּרַתְנוּ
בְרִית אֶת־מָוֶת וְעִם־שְׁאוֹל עָשִׂינוּ חֹזֶה שִׁיט שׁוֹטֵף כִּי־
יַעֲבֹר לֹא יְבוֹאֵנוּ כִּי שַׂמְנוּ כָזָב מַחְסֵנוּ וּבַשֶּׁקֶר נִסְתָּרְנוּ׃
טז לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה הִנְנִי יִסַּד בְּצִיּוֹן אָבֶן אֶבֶן
יז בֹּחַן פִּנַּת יִקְרַת מוּסָד מוּסָּד הַמַּאֲמִין לֹא יָחִישׁ׃ וְשַׂמְתִּי
מִשְׁפָּט לְקָו וּצְדָקָה לְמִשְׁקָלֶת וְיָעָה בָרָד מַחְסֵה כָזָב
יח וְסֵתֶר מַיִם יִשְׁטֹפוּ׃ וְכֻפַּר בְּרִיתְכֶם אֶת־מָוֶת וְחָזוּתְכֶם
אֶת־שְׁאוֹל לֹא תָקוּם שׁוֹט שׁוֹטֵף כִּי יַעֲבֹר וִהְיִיתֶם לוֹ
יט לְמִרְמָס׃ מִדֵּי עָבְרוֹ יִקַּח אֶתְכֶם כִּי־בַבֹּקֶר בַּבֹּקֶר יַעֲבֹר
כ בַּיּוֹם וּבַלָּיְלָה וְהָיָה רַק־זְוָעָה הָבִין שְׁמוּעָה׃ כִּי־קָצַר
כא הַמַּצָּע מֵהִשְׂתָּרֵעַ וְהַמַּסֵּכָה צָרָה כְּהִתְכַּנֵּס׃ כִּי כְהַר־
פְּרָצִים יָקוּם יְהוָה כְּעֵמֶק בְּגִבְעוֹן יִרְגָּז לַעֲשׂוֹת מַעֲשֵׂהוּ
כב זָר מַעֲשֵׂהוּ וְלַעֲבֹד עֲבֹדָתוֹ נָכְרִיָּה עֲבֹדָתוֹ׃ וְעַתָּה אַל־
תִּתְלוֹצָצוּ פֶּן־יֶחְזְקוּ מוֹסְרֵיכֶם כִּי־כָלָה וְנֶחֱרָצָה שָׁמַעְתִּי
כג מֵאֵת אֲדֹנָי יְהוִה צְבָאוֹת עַל־כָּל־הָאָרֶץ׃ הַאֲזִינוּ
כד וְשִׁמְעוּ קוֹלִי הַקְשִׁיבוּ וְשִׁמְעוּ אִמְרָתִי׃ הֲכֹל הַיּוֹם יַחֲרֹשׁ
כה הַחֹרֵשׁ לִזְרֹעַ יְפַתַּח וִישַׂדֵּד אַדְמָתוֹ׃ הֲלוֹא אִם־שִׁוָּה

---

ח׳ מלרע   יב׳ כציל   יג׳ קמץ בז״ק   דלג עד כט, כב׳
טו׳ שוט ק   יעבור ק   טז׳ דגש אחר שורק   כב׳ קמץ בז״ק

דער כֹּהן און דער נביא וואַקלען זיך פון טרונק,
זיי זיינען צעמישט פון וויין,
זיי שאָקלען זיך פון טרונק,
זיי וואַקלען זיך אין דער זעאונג,
זיי ווערן געשטרויכלט ביים משפּט.
8 וואָרום אַלע טישן זיינען פול מיט שמוציקער מייקעכץ,
ביז ניטאָ אַן אָרט [אַ ריינער].

9 וועמען זאָל מען לערנען וויסן?
און וועמען געבן צו פאַרשטיין די הערונג?
פון מילך אַנטוווינטע?
פון ברוסט אַוועקגענומענע?
10 וואָרום עס איז אַ געבאָט צו אַ געבאָט, אַ געבאָט צו אַ געבאָט,
אַ שטריך צו אַ שטריך, אַ שטריך צו אַ שטריך,
אַ ביסל דאָ, אַ ביסל דאָרט.
11 וואָרום מיט אַ שטאַמלדיקער ליפּ, און מיט אַ פרעמדן לשון,
מוז מען רעדן צו דעמדאָזיקן פאָלק,
12 וואָס מע האָט צו זיי געזאָגט: דאָס איז די רואונג,
מאַכט רוען דעם מידן;
און דאָס איז די מנוחה;
אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט הערן.
13 און דאָס וואָרט פון גאָט איז ביי זיי
אַ געבאָט צו אַ געבאָט, אַ געבאָט צו אַ געבאָט,
אַ שטריך צו אַ שטריך, אַ שטריך צו אַ שטריך,
אַ ביסל דאָ, אַ ביסל דאָרט;
כּדי זיי זאָלן גיין און געשטרויכלט ווערן אַהינטער,
און צעבראָכן און געפאַנגען און באַצווונגען ווערן.

14 דרום הערט דאָס וואָרט פון גאָט, איר לייט פון געשפּעט,
איר ווערטלזאָגער פון דאָזיקן פאָלק וואָס אין ירושָלַיִם:
15 ווייל איר האָט געזאָגט:
מיר האָבן געשלאָסן אַ בונד מיטן טויט,
און מיט דער אונטערערד האָבן מיר אַן אָפּמאַך געמאַכט;
אַז די פלייציקע רוט[א] וועט דורכגיין,
וועט זי צו אונדז ניט קומען,
וואָרום מיר האָבן ליגן געמאַכט אונדזער באַשיצונג,
און אין פאַלשקייט האָבן מיר זיך פאַרבאָרגן;
16 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
זע, איך גרונטפעסט אין צִיוֹן אַ שטיין,
אַ געפּרוווטן שטיין, אַ טייערן ווינקל, אַ פעסטן גרונטפעסט;
דער וואָס גלויבט, זאָל ניט אײַלן.
17 און איך וועל מאַכן גערעכטיקייט פאַר אַ מעסטשנור,
און רעכטפאַרטיקייט פאַר אַ בויגעוויכט;
און אַ האָגל וועט אַוועקקערן די באַשיצונג פון ליגן,
און די פאַרבאָרגעניש וועלן וואַסערן אַוועקפלייצן.
18 און אָפּגעמעקט וועט ווערן אַייער בונד מיטן טויט,
און אַייער אָפּמאַך מיט דער אונטערערד וועט ניט באַשטיין.
אַז די פלייציקע רוט וועט דורכגיין,
וועט איר פון איר צעטרעטן ווערן.
19 ווי אָפט זי גייט דורך וועט זי אַייך נעמען;
וואָרום פרימאָרגן אין פרימאָרגן וועט זי דורכגיין,
ביי טאָג און ביי נאַכט;
און אַ הוילע שרעק וועט זיין צו באַנעמען די הערונג.
20 וואָרום דאָס בעט איז צו קורץ זיך אויסצוציען,
און דער צודעק צו שמאָל אַז מע דרייט זיך צונויף.
21 וואָרום אַזוי ווי אויף באַרג פּרָצים[ב] וועט גאָט אויפשטיין,
אַזוי ווי אין טאָל פון גִבְעוֹן[ג] וועט ער צערענען,
צו טאָן זיין טואונג–פרעמד איז זיין טואונג,
און צו ווערקן זיין ווערק–אויסטערליש איז זיין ווערק.
22 און אַצונד זאָלט איר ניט שפּעטן,
כּדי אַייערע בינדשטריק זאָלן ניט פעסטער ווערן;
וואָרום אַ פאַרלענדונג און אַ גזַר
האָב איך געהערט פון דעם האַר, גאָט פון צבָאוֹת,
אויפן גאַנצן לאַנד.

23 לייגט צו דאָס אויער, און הערט מיין קָול,
פאַרנעמט און הערט מיין וואָרט;
24 אַקערט דען נאָכאַנאַנד דער אַקערער אויף צו זייען,
און עפנט און צעהאַקט זיין ערד?
25 פאַרוואָר, אַז ער האָט אויסגעגליכן איר אויבערפלעך,

[א] וואָרטשפּיל: שׁוֹט שׁוֹטֵף.
[ב] זע שמואל ב׳ ה, 20.
[ג] זע דברי הימים א׳ יד, 16.

פְּנֶיהָ וְהֵפִיץ קֶצַח וְכַמֹּן יִזְרֹק וְשָׂם חִטָּה שׂוֹרָה וּשְׂעֹרָה
כו נִסְמָן וְכֻסֶּמֶת גְּבֻלָתוֹ׃ וְיִסְּרוֹ לַמִּשְׁפָּט אֱלֹהָיו יוֹרֶנּוּ׃
כז כִּי לֹא בֶחָרוּץ יוּדַשׁ קֶצַח וְאוֹפַן עֲגָלָה עַל־כַּמֹּן יוּסָּב כִּי
כח בַמַּטֶּה יֵחָבֶט קֶצַח וְכַמֹּן בַּשָּׁבֶט׃ לֶחֶם יוּדָק כִּי לֹא
לָנֶצַח אָדוֹשׁ יְדוּשֶׁנּוּ וְהָמַם גִּלְגַּל עֶגְלָתוֹ וּפָרָשָׁיו לֹא
כט יְדֻקֶּנּוּ׃ גַּם־זֹאת מֵעִם יְהוָה צְבָאוֹת יָצָאָה הִפְלִא עֵצָה
הִגְדִּיל תּוּשִׁיָּה׃

## כט

א הוֹי אֲרִיאֵל אֲרִיאֵל קִרְיַת חָנָה דָוִד סְפוּ שָׁנָה עַל־שָׁנָה
ב חַגִּים יִנְקֹפוּ׃ וַהֲצִיקוֹתִי לַאֲרִיאֵל וְהָיְתָה תַאֲנִיָּה וַאֲנִיָּה
ג וְהָיְתָה לִּי כַּאֲרִיאֵל׃ וְחָנִיתִי כַדּוּר עָלָיִךְ וְצַרְתִּי עָלַיִךְ
ד מֻצָּב וַהֲקִימֹתִי עָלַיִךְ מְצֻרֹת׃ וְשָׁפַלְתְּ מֵאֶרֶץ תְּדַבֵּרִי
וּמֵעָפָר תִּשַּׁח אִמְרָתֵךְ וְהָיָה כְּאוֹב מֵאֶרֶץ קוֹלֵךְ וּמֵעָפָר
ה אִמְרָתֵךְ תְּצַפְצֵף׃ וְהָיָה כְּאָבָק דַּק הֲמוֹן זָרָיִךְ וּכְמֹץ
ו עֹבֵר הֲמוֹן עָרִיצִים וְהָיָה לְפֶתַע פִּתְאֹם׃ מֵעִם יְהוָה
צְבָאוֹת תִּפָּקֵד בְּרַעַם וּבְרַעַשׁ וְקוֹל גָּדוֹל סוּפָה וּסְעָרָה
ז וְלַהַב אֵשׁ אוֹכֵלָה׃ וְהָיָה כַּחֲלוֹם חֲזוֹן לַיְלָה הֲמוֹן כָּל־
הַגּוֹיִם הַצֹּבְאִים עַל־אֲרִיאֵל וְכָל־צֹבֶיהָ וּמְצֹדָתָהּ וְהַמְּצִיקִים
ח לָהּ׃ וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יַחֲלֹם הָרָעֵב וְהִנֵּה אוֹכֵל וְהֵקִיץ
וְרֵקָה נַפְשׁוֹ וְכַאֲשֶׁר יַחֲלֹם הַצָּמֵא וְהִנֵּה שֹׁתֶה וְהֵקִיץ
וְהִנֵּה עָיֵף וְנַפְשׁוֹ שׁוֹקֵקָה כֵּן יִהְיֶה הֲמוֹן כָּל־הַגּוֹיִם הַצֹּבְאִים
ט עַל־הַר צִיּוֹן׃ הִתְמַהְמְהוּ וּתְמָהוּ הִשְׁתַּעַשְׁעוּ וָשֹׁעוּ
י שָׁכְרוּ וְלֹא־יַיִן נָעוּ וְלֹא שֵׁכָר׃ כִּי־נָסַךְ עֲלֵיכֶם יְהוָה רוּחַ
תַּרְדֵּמָה וַיְעַצֵּם אֶת־עֵינֵיכֶם אֶת־הַנְּבִיאִים וְאֶת־רָאשֵׁיכֶם
יא הַחֹזִים כִּסָּה׃ וַתְּהִי לָכֶם חָזוּת הַכֹּל כְּדִבְרֵי הַסֵּפֶר
הֶחָתוּם אֲשֶׁר־יִתְּנוּ אֹתוֹ אֶל־יוֹדֵעַ הַסֵּפֶר לֵאמֹר קְרָא־נָא
יב זֶה וְאָמַר לֹא אוּכַל כִּי חָתוּם הוּא׃ וְנִתַּן הַסֵּפֶר עַל אֲשֶׁר

כח, כו׳ תם אחר שורק    כח׳ קמץ בז״ק    כט, יא׳ ספר קרי

צעשפּרייט ער שוואַרצקימל, און קימל וואַרפט ער אויס,
און טוט אַריין ווייץ אין שורות,
און גערשט אויפן אָנגעצייכנטן אָרט,
און טונקלווייץ ביים ראַנד דערפון.
26 וואָרום אים האָט ריכטיק געלערנט,
אים טוט ווייזן זיין גאָט.
27 יאָ, ניט מיט אַ דרעששליטן ווערט שוואַרצקימל
געדראָשן,
און אַ ראָד פון אַ וואָגן ווערט ניט אויף קימל געדרייט;
נייערט מיט אַ שטעקן ווערט שוואַרצקימל געקלאַפּט,
און קימל מיט אַ רוט.
28 ווערט ברויטקאָרן צעדריקט?
פאַרוואָר, ניט אייביק דרעשן דרעשט ער עס;
הגם עס רַעשט דער וואַלץ פון זיין וואָגן מיט זיינע צאַקן–
צעדריקן וועט ער עס ניט.
29 דאָס אויך איז אַרויס פון גאָט פון צבָאות;
ווונדערלעך איז ער אין באַראָט, גרויס איז ער אין חכמה.

## כט

1 וויי, אַריאֵל, אַריאֵל[א],
שטאָט ווו דוד האָט גערוט!
מערט אַ יאָר אויף אַ יאָר,
זאָלן די יָום־טובים זיך אַרומדרייען,
2 און איך וועל דריקן אַריאֵל,
און עס וועט זיין אַ קלאָג און אַ קלאָגעניש,
און ער וועט מיר זיין אַזוי ווי אַן אַריאֵל.
3 און איך וועל לאַגערן אַרום דיר ווי אַ ראָד,
און וועל דיך באַלעגערן מיט אַן ערדוואַל,
און אויפשטעלן אויף דיר באַלעגערווערק.
4 און נידעריק פון דער ערד וועסטו רעדן,
און טיף פון שטויב וועט קומען דיין וואָרט;
און ווי אַ גייסט פון דער ערד וועט זיין דיין קָול,
און פון שטויב וועט פּיפּסן דיין וואָרט.
5 אָבער ווי דינע שטויב וועט ווערן דער המון פון דיינע
פיינט,
און ווי שפּריי וואָס פאַרגייט דער המון פון די מאַכטיקע;
און פּלוצים־פּלוצלינג וועט עס געשען.
6 פון גאָט פון צבָאות וועט קומען די שטראָף,
מיט דונער און מיט ערדציטערניש און גרויס געפּילדער,
שטורעם און געוויטער און פלאַמפייער וואָס פאַרצערט.
7 און אַזוי ווי אַ חלום, אַ זעאונג פון דער נאַכט,
וועט זיין דער המון פון אַלע פעלקער
וואָס האַלטן מלחמה אויף אַריאֵל–
אי אַלע וואָס האַלטן מלחמה אויף איר,
אי די באַלעגערפעסטונג אַרום איר,
אי די וואָס דריקן זי.
8 און עס וועט זיין:
אַזוי ווי אַ הונגעריקן חלומט זיך, ערשט ער עסט,
און ער כאַפּט זיך אויף, און זיין לייב איז ליידיק,
און אַזוי ווי אַ דאָרשטיקן חלומט זיך, ערשט ער טרינקט,
און ער כאַפּט זיך אויף, ערשט ער איז שלאַף,
און זיין זעל איז פאַרשמאַכט,
אַזוי וועט זיין דער המון פון אַלע פעלקער,
וואָס האַלטן מלחמה אויף באַרג ציון.

9 פאַרדולט אַייך און זייט צעדולט!
פאַרבלענדט אַייך און זייט בלינד!
איר וואָס זייט שיכור און ניט פון ווייַן,
וואָס שאָקלט זיך און ניט פון טרונק.
10 וואָרום גאָט האָט אויסגעגאָסן אויף אַייך
אַ גייסט פון הינערפלעט,
און האָט צוגעמאַכט אַייערע אויגן, די נביאים,
און אַייערע קעפּ, די זעערס, האָט ער פאַרדעקט.

11 און די זעאונג פון אַלצדינג איז פאַר אַייך אַזוי ווי ווערטער פון אַ פאַרחתמעטן געשריפטס, וואָס אַז מע גיט עס צו דעם וואָס קען געשריפטס, אַזוי צו זאָגן: לייען דאָס, איך בעט דיך, זאָגט ער: איך קען ניט, וואָרום עס איז פאַרחתמעט. 12 און אַז

[א] פייעראָרט פון גאָט. צונאָמען פון ירושָלַיִם.

לֹא־יָדַע סֵפֶר לֵאמֹר קְרָא־נָא זֶה וְאָמַר לֹא יָדַעְתִּי סֵפֶר׃
יג וַיֹּאמֶר אֲדֹנָי יַעַן כִּי נִגַּשׁ הָעָם הַזֶּה בְּפִיו וּבִשְׂפָתָיו
כִּבְּדוּנִי וְלִבּוֹ רִחַק מִמֶּנִּי וַתְּהִי יִרְאָתָם אֹתִי מִצְוַת אֲנָשִׁים
יד מְלֻמָּדָה׃ לָכֵן הִנְנִי יוֹסִף לְהַפְלִיא אֶת־הָעָם־הַזֶּה הַפְלֵא
וָפֶלֶא וְאָבְדָה חָכְמַת חֲכָמָיו וּבִינַת נְבֹנָיו תִּסְתַּתָּר׃
טו הוֹי הַמַּעֲמִיקִים מֵיהוָה לַסְתִּר עֵצָה וְהָיָה בְמַחְשָׁךְ
טז מַעֲשֵׂיהֶם וַיֹּאמְרוּ מִי רֹאֵנוּ וּמִי יוֹדְעֵנוּ׃ הַפְכְּכֶם אִם־
כְּחֹמֶר הַיֹּצֵר יֵחָשֵׁב כִּי־יֹאמַר מַעֲשֶׂה לְעֹשֵׂהוּ לֹא עָשָׂנִי
יז וְיֵצֶר אָמַר לְיֹצְרוֹ לֹא הֵבִין׃ הֲלוֹא־עוֹד מְעַט מִזְעָר וְשָׁב
יח לְבָנוֹן לַכַּרְמֶל וְהַכַּרְמֶל לַיַּעַר יֵחָשֵׁב׃ וְשָׁמְעוּ בַיּוֹם־
הַהוּא הַחֵרְשִׁים דִּבְרֵי־סֵפֶר וּמֵאֹפֶל וּמֵחֹשֶׁךְ עֵינֵי עִוְרִים
יט תִּרְאֶינָה׃ וְיָסְפוּ עֲנָוִים בַּיהוָה שִׂמְחָה וְאֶבְיוֹנֵי אָדָם
כ בִּקְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל יָגִילוּ׃ כִּי־אָפֵס עָרִיץ וְכָלָה לֵץ וְנִכְרְתוּ
כא כָּל־שֹׁקְדֵי אָוֶן׃ מַחֲטִיאֵי אָדָם בְּדָבָר וְלַמּוֹכִיחַ בַּשַּׁעַר
כב יְקֹשׁוּן וַיַּטּוּ בַתֹּהוּ צַדִּיק׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה אֶל־
בֵּית יַעֲקֹב אֲשֶׁר פָּדָה אֶת־אַבְרָהָם לֹא־עַתָּה יֵבוֹשׁ יַעֲקֹב
כג וְלֹא עַתָּה פָּנָיו יֶחֱוָרוּ׃ כִּי בִרְאֹתוֹ יְלָדָיו מַעֲשֵׂה יָדַי
בְּקִרְבּוֹ יַקְדִּישׁוּ שְׁמִי וְהִקְדִּישׁוּ אֶת־קְדוֹשׁ יַעֲקֹב וְאֶת־
כד אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל יַעֲרִיצוּ׃ וְיָדְעוּ תֹעֵי־רוּחַ בִּינָה וְרוֹגְנִים
יִלְמְדוּ־לֶקַח׃

## ל

א הוֹי בָּנִים סוֹרְרִים נְאֻם־יְהוָה לַעֲשׂוֹת עֵצָה וְלֹא מִנִּי וְלִנְסֹךְ
מַסֵּכָה וְלֹא רוּחִי לְמַעַן סְפוֹת חַטָּאת עַל־חַטָּאת׃
ב הַהֹלְכִים לָרֶדֶת מִצְרַיִם וּפִי לֹא שָׁאָלוּ לָעוֹז בְּמָעוֹז
ג פַּרְעֹה וְלַחְסוֹת בְּצֵל מִצְרָיִם׃ וְהָיָה לָכֶם מָעוֹז פַּרְעֹה
ד לְבֹשֶׁת וְהֶחָסוּת בְּצֵל־מִצְרַיִם לִכְלִמָּה׃ כִּי־הָיוּ בְצֹעַן
ה שָׂרָיו וּמַלְאָכָיו חָנֵס יַגִּיעוּ׃ כֹּל הִבְאִישׁ עַל־עַם לֹא־

כט, כג׳ מי״ל   ל, ה׳ א׳ נחה

דאָס געשריפטס ווערט געגעבן צו דעם וואָס קען ניט קיין געשריפטס, אַזוי צו זאָגן: לייען דאָס, איך בעט דיך, זאָגט ער: איך קען ניט קיין געשריפטס.

13 און גאָט האָט געזאָגט:
וויל דאָסדאָזיקע פאָלק האָט גענענט מיט זיין מויל,
און מיט זיינע ליפּן מיך געערלעכט,
אָבער זיין האַרץ האָט ער דערווייטערט פון מיר,
און זייער מורא פאַר מיר
איז ווי אַן איינגעלערנט געבאָט פון מענטשן,
14 דרום זע, איך טו נאָך מער פאַרווונדערן דאָסדאָזיקע פאָלק,
ווונדערלעך פאַרווונדערן;
און פאַרלאָרן ווערן וועט די חכמה פון זיינע חכמים,
און די פאַרשטאַנדיקייט פון זיינע פאַרשטאַנדיקע
וועט פאַרהוילן ווערן.

15 וויי, די וואָס פאַרהוילן טיף זייער באַראָט פון גאָט,
און אין דער פינצטער זיינען זייערע מעשים,
און זיי זאָגן: ווער זעט אונדז? און ווער ווייס אונדז?
16 די פאַרקערטקייט אייערע!
צי איז דער טעפּער ווי ליים גערעכנט,
אַז דאָס ווערק זאָל זאָגן אויף זיין מייַנסטער:
ער האָט מיך ניט געמאַכט?
און דער באַשאַף זאָל זאָגן אויף זיין באַשעפער:
ער פאַרשטייט ניט?

17 פאַרוואָר, אין נאָך אַ קליין ווילע,
וועט דער לבנון פאַרקערט ווערן אין אַ פרוכטגאָרטן,
און דער פרוכטגאָרטן וועט פאַר אַ וואַלד גערעכנט ווערן.
18 און די טויבע אין יענעם טאָג
וועלן הערן די ווערטער פון אַ בוך,
און פון חושך און פינצטערניש
וועלן זען די אויגן פון בלינדע.
19 און די פאַרליטענע וועלן מערן
זייער שׂמחה אין גאָט,
און די באַדערפטיקע צווישן מענטשן
וועלן מיטן הייליקן פון ישׂראל זיך פרייען.
20 וואָרום אַוועק דער מאַכטיקער,
און פאַרלענדט וועט זיין דער שפּעטער,
און פאַרשניטן אַלע וואָס לויערן אויף אומרעכט;
21 די וואָס מאַכן שולדיק אַ מענטשן מיט אַ וואָרט,
און דעם שטראָפזאָגער לייגן זיי אַ שטרויכלונג אין טויער,
און פאַרדרייען מיט נישט דעם גערעכטן.

22 דרום האָט גאָט, וואָס האָט אויסגעלייזט אַבֿרהמען,
אַזוי געזאָגט אויפן הויז פון יעקבֿ:
אַצונד וועט ניט פאַרשעמט ווערן יעקבֿ,
און אַצונד וועט זיין פּנים ניט בלאַס ווערן;
23 יאָ, אַז ער וועט זען זיינע קינדער,
דאָס ווערק פון מיינע הענט, אין זיין מיט,
ווי זיי הייליקן מיין נאָמען;
וואָרום זיי וועלן הייליקן דעם הייליקן פון יעקבֿ,
און דעם גאָט פון ישׂראל וועלן זיי פאַרכטן.
24 און די פאַרפּירטע אין גייסט וועלן וויסן צו פאַרשטיין,
און די מורמלער וועלן לערנען אַ מוסר.

## ל

1 וויי, קינדער אָפּקערער, זאָגט גאָט,
צו מאַכן עצות וואָס ניט פון מיר,
און צו וועבן געוועבן וואָס ניט מיין גייסט,
כּדי צו מערן זינד אויף זינד!
2 די וואָס גייען נידערן קיין מצרַיִם,
און מיין מויל האָבן זיי ניט געפרעגט;
זיך צו שיצן אין דער באַשיצונג פון פּרעהן,
און זיך צו באַשירעמען אין שאָטן פון מצרַיִם.
3 אָבער די באַשיצונג פון פּרעהן וועט אייך ווערן צו בושה,
און די באַשירעמונג אין שאָטן פון מצרַיִם צו שאַנד.
4 וואָרום אין צוֹעַן זיינען געווען זיינע האַרן,
און זיינע שלוחים טוען קיין חָנֵס דערגרייכן.
5 אַלע וועלן זיי זיך שעמען
איבער דעם פאָלק וואָס קען זיי ניט נוצן,

יוֹעִילוּ לָמוֹ לֹא לְעֵזֶר וְלֹא לְהוֹעִיל כִּי לְבֹשֶׁת וְגַם־לְחֶרְפָּה׃
מַשָּׂא בַּהֲמוֹת נֶגֶב בְּאֶרֶץ צָרָה וְצוּקָה לָבִיא וָלַיִשׁ ו
מֵהֶם אֶפְעֶה וְשָׂרָף מְעוֹפֵף יִשְׂאוּ עַל־כֶּתֶף עֲיָרִים חֵילֵהֶם
וְעַל־דַּבֶּשֶׁת גְּמַלִּים אוֹצְרֹתָם עַל־עַם לֹא יוֹעִילוּ׃ וּמִצְרַיִם ז
הֶבֶל וָרִיק יַעְזֹרוּ לָכֵן קָרָאתִי לָזֹאת רַהַב הֵם שָׁבֶת׃
עַתָּה בּוֹא כָתְבָהּ עַל־לוּחַ אִתָּם וְעַל־סֵפֶר חֻקָּהּ וּתְהִי ח
לְיוֹם אַחֲרוֹן לָעַד עַד־עוֹלָם׃ כִּי עַם מְרִי הוּא בָּנִים כֶּחָשִׁים ט
בָּנִים לֹא־אָבוּ שְׁמוֹעַ תּוֹרַת יְהוָה׃ אֲשֶׁר אָמְרוּ לָרֹאִים י
לֹא תִרְאוּ וְלַחֹזִים לֹא תֶחֱזוּ־לָנוּ נְכֹחוֹת דַּבְּרוּ־לָנוּ חֲלָקוֹת
חֲזוּ מַהֲתַלּוֹת׃ סוּרוּ מִנֵּי־דֶרֶךְ הַטּוּ מִנֵּי־אֹרַח הַשְׁבִּיתוּ יא
מִפָּנֵינוּ אֶת־קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל׃ לָכֵן כֹּה אָמַר קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל יב
יַעַן מָאָסְכֶם בַּדָּבָר הַזֶּה וַתִּבְטְחוּ בְּעֹשֶׁק וְנָלוֹז וַתִּשָּׁעֲנוּ
עָלָיו׃ לָכֵן יִהְיֶה לָכֶם הֶעָוֹן הַזֶּה כְּפֶרֶץ נֹפֵל נִבְעֶה בְּחוֹמָה יג
נִשְׂגָּבָה אֲשֶׁר־פִּתְאֹם לְפֶתַע יָבוֹא שִׁבְרָהּ׃ וּשְׁבָרָהּ כְּשֵׁבֶר יד
נֵבֶל יוֹצְרִים כָּתוּת לֹא יַחְמֹל וְלֹא־יִמָּצֵא בִמְכִתָּתוֹ חֶרֶשׂ
לַחְתּוֹת אֵשׁ מִיָּקוּד וְלַחְשֹׂף מַיִם מִגֶּבֶא׃ כִּי כֹה־ טו
אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּבָה וָנַחַת תִּוָּשֵׁעוּן
בְּהַשְׁקֵט וּבְבִטְחָה תִּהְיֶה גְּבוּרַתְכֶם וְלֹא אֲבִיתֶם׃ וַתֹּאמְרוּ טז
לֹא־כִי עַל־סוּס נָנוּס עַל־כֵּן תְּנוּסוּן וְעַל־קַל נִרְכָּב עַל־כֵּן
יִקַּלּוּ רֹדְפֵיכֶם׃ אֶלֶף אֶחָד מִפְּנֵי גַּעֲרַת אֶחָד מִפְּנֵי גַּעֲרַת יז
חֲמִשָּׁה תָּנֻסוּ עַד אִם־נוֹתַרְתֶּם כַּתֹּרֶן עַל־רֹאשׁ הָהָר וְכַנֵּס
עַל־הַגִּבְעָה׃ וְלָכֵן יְחַכֶּה יְהוָה לַחֲנַנְכֶם וְלָכֵן יָרוּם יח
לְרַחֶמְכֶם כִּי־אֱלֹהֵי מִשְׁפָּט יְהוָה אַשְׁרֵי כָּל־חוֹכֵי לוֹ׃
כִּי־עַם בְּצִיּוֹן יֵשֵׁב בִּירוּשָׁלִָם בָּכוֹ לֹא־תִבְכֶּה חָנוֹן יט
יָחְנְךָ לְקוֹל זַעֲקֶךָ כְּשָׁמְעָתוֹ עָנָךְ׃ וְנָתַן לָכֶם אֲדֹנָי לֶחֶם כ
צָר וּמַיִם לָחַץ וְלֹא־יִכָּנֵף עוֹד מוֹרֶיךָ וְהָיוּ עֵינֶיךָ רֹאוֹת
אֶת־מוֹרֶיךָ׃ וְאָזְנֶיךָ תִּשְׁמַעְנָה דָבָר מֵאַחֲרֶיךָ לֵאמֹר זֶה כא

ו׳ עירים קרי   יח׳ בי טנין כצרי   טז׳ קמץ מ״ק

וואָס זיינען ניט צו הילף און ניט צו נוץ,
נאָר צו בושה און צו חרפה.

6 די נבואה אויפֿן וואַסערפֿערד פֿון דָרום.
דורך אַ לאַנד פֿון נויט און אַנגסט,
וואָס די לייבינטע און דער לייב איז פֿון דאָרטן,
דער פֿיפֿערנאָטער און דער פֿליעדיקער לינדוואָרעם,
פֿירן זיי אויפֿן רוקן פֿון יונגאייזלען זייערע פֿאַרמעגנס,
און אויפֿן הויקער פֿון קעמלען זייערע אוצרות,
צו אַ פֿאָלק וואָס קען ניט נוצן.
7 וואָרום נישטיק און אָן האַפֿט העלפֿט מִצרַיִם;
דרום רוף איך דאָס: שטאָלץ זיינען זיי אויף ליידיק צו זיצן.
8 אַצונד קום פֿאַרשרייב עס אויף אַ טאָוול ביי זיי,
און אין אַ בוך פֿאַרצייכן עס,
און עס זאָל זיין ביזן לעצטן טאָג,
אויף אייביק און שטענדיק.
9 וואָרום אַ ווידערשפּעניק פֿאָלק איז דאָס,
קינדער לייקענער,
קינדער וואָס ווילן ניט הערן
די לערנונג פֿון גאָט;
10 וואָס זאָגן צו די נביאים:
איר זאָלט ניט נביאות זאָגן;
און צו די זעערס:
איר זאָלט אונדז ניט זען די ריכטיקייט;
רעדט אונדז גלאַטע רייד,
זעט גענאַרענישן.
11 קערט אַייך אָפּ פֿון וועג,
נייגט אַייך אָפּ פֿון שטעג,
טוט אָפּ פֿון אונדזער פּנים
דעם הייליקן פֿון ישׂראל!
12 דרום האָט דער הייליקער פֿון ישׂראל אַזוי געזאָגט:
ווייל איר פֿאַראַכט דאָסדאָזיקע וואָרט,
און איר האָט אַייך פֿאַרזיכערט אויף רויב און באַטרוג,
און אַייך אָנגעלענט דערויף,
13 דרום וועט אַייך זיין דידאָזיקע זינד
אַזוי ווי אַן אָנקריייטיקער בראָך
אַנטפּלעקט אין אַ הויכער מויער,
וואָס פּלוצים־פּלוצלינג וועט קומען איר צעברעכעניש.
14 און ער וועט זי צעברעכן ווי מע צעברעכט אַ
טעפּערגעפֿעס,
צעהאַקן און ניט שוינען;
און אין אירע שטיקער וועט זיך ניט געפֿינען אַ שאַרבן
אויף אַרויסשאַרן פֿייער פֿון אויוון,
אָדער אָנשעפּן וואַסער פֿון גרוב.
15 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר,
דער הייליקער פֿון ישׂראל:
אין שטילקייט און מנוחה וועט איר געהאָלפֿן ווערן,
אין רו און זיכערקייט וועט זיין אַייער גבורה;
אָבער איר האָט ניט געוואָלט.
16 און איר האָט געזאָגט:
ניין, נייערט אויף פֿערד וועלן מיר לויפֿן[א];
דרום וועט איר לויפֿן;
און: אויף פֿלינקע וועלן מיר רייטן;
**דרום וועלן פֿלינק זיין אַייערע נאָכיאָגערס.**
17 אַ טויזנט פֿאַר דעם אָנגעשריי פֿון איינעם,
פֿאַר דעם אָנגעשריי פֿון פֿינף וועט איר [אַלע] אַנטלויפֿן;
ביז וואַנען איר וועט בלייבן ווי אַ שטאַנג אויף אַ שפּיץ באַרג,
און ווי אַ פֿאָן אויף אַ הויכן אָרט.
18 אָבער פֿון דעסטוועגן טוט גאָט האַרן אַייך צו לייטזעליקן,
און פֿון דעסטוועגן טוט ער גאַרן אַייך צו דערבאַרימען;
וואָרום אַ גאָט פֿון גערעכטיקייט איז יהוה,
ווויל צו די וואָס האַרן אויף אים.

19 וואָרום דו פֿאָלק וואָס זיצסט אין צִיון, אין ירושָלַיִם,
וויינען וועסטו מער ניט וויינען;
לייטזעליקן וועט ער דיך לייטזעליקן
אויף דעם קָול פֿון דיין געשריי,
ווי ער וועט הערן, טוט ער דיר ענטפֿערן.
20 און גאָט וועט אַייך געבן קאַרג ברויט און קנאַפּ וואַסער,
אָבער דיין לערער וועט מער ניט זיין פֿאַרהוילן,
און דיינע אויגן וועלן זען דיין לערער.
21 און דיינע אויערן וועלן הערן אַ וואָרט הינטער דיר,

[א] וואָרטשפּיל: סוס נָנוס.

אַזוי צו זאָגן: „דאָס איז דער וועג, גייט אויף אים",
סיי איר וועט זיך קערן רעכטס,
און סיי איר וועט זיך קערן לינקס.
22 און איר וועט פֿאַראומרייניקן
דעם איבערצוג פֿון דיינע זילבערגעצן,
און דעם באַקלייד פֿון דיין געגאָסענעם גאָלדגעץ.
אַוועקוואַרפֿן וועסטו זיי אַזוי ווי אומריינס;
„אַרויס!" וועסטו זאָגן דערצו.
23 און ער וועט געבן רעגן פֿאַר דיין זריעה
וואָס דו וועסט זייען אין דער ערד,
און דאָס ברויט פֿון דער תּבֿואה פֿון דער ערד
וועט זיין פֿעט און זאַפֿטיק.
דיין פֿי וועט זיך פּיטערן אין יענעם טאָג
אויף אַ לאָנקע אַ ברייטער.
24 און די רינדער און די יונגאייזלען
וואָס באַאַרבעטן די ערד,
וועלן עסן געשמאַקע פֿוטער,
וואָס מע ווינטשופֿלט מיט אַ ווייער און מיט אַ
ווינטשופֿל.
25 און אויף יעטוועדער הויכן באַרג,
און אויף יעטוועדער דערהויבענעם בערגל,
וועלן זיין בעכן, שטראָמען וואַסער,
אין דעם טאָג פֿון גרויס טייטונג, ווען טורעמס טוען
פֿאַלן.
26 און דאָס ליכט פֿון דער לבֿנה
וועט זיין ווי דאָס ליכט פֿון דער זון,
און דאָס ליכט פֿון דער זון
וועט זיין זיבנפֿאַך–ווי דאָס ליכט פֿון זיבן טעג,
אין דעם טאָג וואָס גאָט פֿאַרבינדט דעם בראָך פֿון זיין
פֿאָלק,
און דעם ריס פֿון זיין ווונד טוט ער היילן.

27 זע, דער נאָמען פֿון גאָט קומט אָן פֿון דער ווייט,
זיין צאָרן ברענט, און אַ שווערער רויך הייבט זיך
אויף;
זיינע ליפּן זיינען פֿול מיט צאָרן,
און זיין צונג ווי אַ פֿייער וואָס פֿאַרצערט;
28 און זיין אָטעם ווי אַ פֿלייציקער שטראָם,
וואָס גרייכט ביז צום האַלדז;
צו זיפּן די פֿעלקער אין אַ זיפּ פֿון פֿאַרוויסטונג,
מיט אַ פֿאַרפֿירעקער צאַם אויף די באַקן פֿון די
אומות.
29 אַ געזאַנג וועט ביי אייך זיין,
ווי אין דער נאַכט וואָס אַ יום־טובֿ ווערט
געהייליקט,
און אַ האַרציקע שׂמחה,
ווי ביי דעם וואָס גייט מיט אַ פֿלייט,
צו קומען אויפֿן באַרג פֿון גאָט,
צום פֿעלז פֿון ישׂראל.
30 און גאָט וועט לאָזן הערן דעם הילך פֿון זיין קול,
און וועט ווייזן דעם אַראָפּלאָז פֿון זיין אָרעם,
מיט גרימצאָרן און פֿלאַמפֿייער וואָס פֿאַרצערט,
מיט וואָלקנבראָך און פֿלייצונג און האָגלשטיין.
31 וואָרום פֿון דעם קול פֿון גאָט וועט צעבראָכן ווערן
אַשור,
די רוט מיט וואָס ער פֿלעגט שלאָגן.

כב הַדֶּרֶךְ לְכוּ בוֹ כִּי תַאֲמִינוּ וְכִי תַשְׂמְאִילוּ׃ וְטִמֵּאתֶם אֶת־
צִפּוּי פְּסִילֵי כַסְפֶּךָ וְאֶת־אֲפֻדַּת מַסֵּכַת זְהָבֶךָ תִּזְרֵם כְּמוֹ
כג דָּוָה צֵא תֹּאמַר לוֹ׃ וְנָתַן מְטַר זַרְעֲךָ אֲשֶׁר־תִּזְרַע אֶת־
הָאֲדָמָה וְלֶחֶם תְּבוּאַת הָאֲדָמָה וְהָיָה דָשֵׁן וְשָׁמֵן יִרְעֶה
כד מִקְנֶיךָ בַּיּוֹם הַהוּא כַּר נִרְחָב׃ וְהָאֲלָפִים וְהָעֲיָרִים עֹבְדֵי
הָאֲדָמָה בְּלִיל חָמִיץ יֹאכֵלוּ אֲשֶׁר־זֹרֶה בָרַחַת וּבַמִּזְרֶה׃
כה וְהָיָה ׀ עַל־כָּל־הַר גָּבֹהַּ וְעַל כָּל־גִּבְעָה נִשָּׂאָה פְּלָגִים
כו יִבְלֵי־מָיִם בְּיוֹם הֶרֶג רָב בִּנְפֹל מִגְדָּלִים׃ וְהָיָה אוֹר־
הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה וְאוֹר הַחַמָּה יִהְיֶה שִׁבְעָתַיִם כְּאוֹר
שִׁבְעַת הַיָּמִים בְּיוֹם חֲבֹשׁ יְהוָה אֶת־שֶׁבֶר עַמּוֹ וּמַחַץ
כז מַכָּתוֹ יִרְפָּא׃ הִנֵּה שֵׁם־יְהוָה בָּא מִמֶּרְחָק בֹּעֵר
אַפּוֹ וְכֹבֶד מַשָּׂאָה שְׂפָתָיו מָלְאוּ זַעַם וּלְשׁוֹנוֹ כְּאֵשׁ אֹכָלֶת׃
כח וְרוּחוֹ כְּנַחַל שׁוֹטֵף עַד־צַוָּאר יֶחֱצֶה לַהֲנָפָה גוֹיִם בְּנָפַת
כט שָׁוְא וְרֶסֶן מַתְעֶה עַל לְחָיֵי עַמִּים׃ הַשִּׁיר יִהְיֶה לָכֶם
כְּלֵיל הִתְקַדֶּשׁ־חָג וְשִׂמְחַת לֵבָב כַּהוֹלֵךְ בֶּחָלִיל לָבוֹא
ל בְהַר־יְהוָה אֶל־צוּר יִשְׂרָאֵל׃ וְהִשְׁמִיעַ יְהוָה אֶת־הוֹד
קוֹלוֹ וְנַחַת זְרוֹעוֹ יַרְאֶה בְּזַעַף אַף וְלַהַב אֵשׁ אוֹכֵלָה נֶפֶץ
לא וָזֶרֶם וְאֶבֶן בָּרָד׃ כִּי־מִקּוֹל יְהוָה יֵחַת אַשּׁוּר בַּשֵּׁבֶט יַכֶּה׃
לב וְהָיָה כֹּל מַעֲבַר מַטֵּה מוּסָדָה אֲשֶׁר יָנִיחַ יְהוָה עָלָיו
לג בְּתֻפִּים וּבְכִנֹּרוֹת וּבְמִלְחֲמוֹת תְּנוּפָה נִלְחַם־בָּהּ׃ כִּי־
עָרוּךְ מֵאֶתְמוּל תָּפְתֶּה גַּם־הוּא לַמֶּלֶךְ הוּכָן הֶעְמִיק הִרְחִב
מְדֻרָתָהּ אֵשׁ וְעֵצִים הַרְבֵּה נִשְׁמַת יְהוָה כְּנַחַל גָּפְרִית
בֹּעֲרָה בָּהּ׃

## לא

א הוֹי הַיֹּרְדִים מִצְרַיִם לְעֶזְרָה עַל־סוּסִים יִשָּׁעֵנוּ וַיִּבְטְחוּ עַל־
רֶכֶב כִּי רָב וְעַל פָּרָשִׁים כִּי־עָצְמוּ מְאֹד וְלֹא שָׁעוּ עַל־
ב קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל וְאֶת־יְהוָה לֹא דָרָשׁוּ׃ וְגַם־הוּא חָכָם וַיָּבֵא

ל, לב׳ בם קרי   לג׳ היא קרי   קמץ בטרחא

32 און וווּ נאָר עס גייט דורך דער שטעקן פֿון
באַשערונג,
וואָס גאָט וועט אַראָפּלאָזן אויף אים,
וועט עס זיין מיט פּויקן און מיט האַרפֿן;
און מיט מלחמות פֿון פֿעכטונג וועט ער מלחמה האַלטן
אויף זיי.
33 וואָרום אָנגעגרייט פֿון נעכטן איז דער פֿייעראָרט,
יאָ, פֿאַרן מלך איז ער צוגעגרייט,
טיף איז ער, ברייט איז ער;
זיין הויפֿן האָט פֿייער און האָלץ אַ סך,
גאָטס אָטעם טוט ברענען
ווי אַ טייך שוועבל דערין.

לא 1 ווי, די וואָס נידערן קיין מִצרַיִם נאָך הילף,
און אויף פֿערד פֿאַרלאָזן זיי זיך;
און זיי פֿאַרזיכערן זיך אויף רייטוועגן, ווייל זיי זיינען פֿיל,
און אויף רייטער, ווייל זיי זיינען מאַכטיק זייער;
און זיי קערן זיך ניט צו דעם הייליקן פֿון ישׂראל,
און גאָט טוּען זיי ניט זוכן!
2 אָבער פֿאַרוואָר, ער איז קלוג, און ער ברענגט דאָס בייז,

רָע וְאֶת־דְּבָרָיו לֹא הֵסִיר וְקָם עַל־בֵּית מְרֵעִים וְעַל־עֶזְרַת
פֹּעֲלֵי אָוֶן׃ וּמִצְרַיִם אָדָם וְלֹא־אֵל וְסוּסֵיהֶם בָּשָׂר וְלֹא־ ג
רוּחַ וַיהוָה יַטֶּה יָדוֹ וְכָשַׁל עוֹזֵר וְנָפַל עָזֻר וְיַחְדָּו כֻּלָּם
יִכְלָיוּן׃ כִּי כֹה אָמַר־יְהוָה ׀ אֵלַי כַּאֲשֶׁר יֶהְגֶּה הָאַרְיֵה ד
וְהַכְּפִיר עַל־טַרְפּוֹ אֲשֶׁר יִקָּרֵא עָלָיו מְלֹא רֹעִים מִקּוֹלָם
לֹא יֵחָת וּמֵהֲמוֹנָם לֹא יַעֲנֶה כֵּן יֵרֵד יְהוָה צְבָאוֹת לִצְבֹּא
עַל־הַר־צִיּוֹן וְעַל־גִּבְעָתָהּ׃ כְּצִפֳּרִים עָפוֹת כֵּן יָגֵן יְהוָה ה
צְבָאוֹת עַל־יְרוּשָׁלִָם גָּנוֹן וְהִצִּיל פָּסֹחַ וְהִמְלִיט׃ שׁוּבוּ ו
לַאֲשֶׁר הֶעְמִיקוּ סָרָה בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ כִּי בַּיּוֹם הַהוּא יִמְאָסוּן ז
אִישׁ אֱלִילֵי כַסְפּוֹ וֶאֱלִילֵי זְהָבוֹ אֲשֶׁר עָשׂוּ לָכֶם יְדֵיכֶם
חֵטְא׃ וְנָפַל אַשּׁוּר בְּחֶרֶב לֹא־אִישׁ וְחֶרֶב לֹא־אָדָם תְּאכְלֶנּוּ ח
וְנָס לוֹ מִפְּנֵי־חֶרֶב וּבַחוּרָיו לָמַס יִהְיוּ׃ וְסַלְעוֹ מִמָּגוֹר ט
יַעֲבוֹר וְחַתּוּ מִנֵּס שָׂרָיו נְאֻם־יְהוָה אֲשֶׁר־אוּר לוֹ בְּצִיּוֹן
וְתַנּוּר לוֹ בִּירוּשָׁלִָם׃

## לב

הֵן לְצֶדֶק יִמְלָךְ־מֶלֶךְ וּלְשָׂרִים לְמִשְׁפָּט יָשֹׂרוּ׃ וְהָיָה־אִישׁ א ב
כְּמַחֲבֵא־רוּחַ וְסֵתֶר זָרֶם כְּפַלְגֵי־מַיִם בְּצָיוֹן כְּצֵל סֶלַע־
כָּבֵד בְּאֶרֶץ עֲיֵפָה׃ וְלֹא תִשְׁעֶינָה עֵינֵי רֹאִים וְאָזְנֵי שֹׁמְעִים ג
תִּקְשַׁבְנָה׃ וּלְבַב נִמְהָרִים יָבִין לָדָעַת וּלְשׁוֹן עִלְּגִים תְּמַהֵר ד
לְדַבֵּר צָחוֹת׃ לֹא־יִקָּרֵא עוֹד לְנָבָל נָדִיב וּלְכִילַי לֹא ה
יֵאָמֵר שׁוֹעַ׃ כִּי נָבָל נְבָלָה יְדַבֵּר וְלִבּוֹ יַעֲשֶׂה־אָוֶן לַעֲשׂוֹת ו
חֹנֶף וּלְדַבֵּר אֶל־יְהוָה תּוֹעָה לְהָרִיק נֶפֶשׁ רָעֵב וּמַשְׁקֶה
צָמֵא יַחְסִיר׃ וְכֵלַי כֵּלָיו רָעִים הוּא זִמּוֹת יָעָץ לְחַבֵּל ז
עֲנִיִּים בְּאִמְרֵי־שֶׁקֶר וּבְדַבֵּר אֶבְיוֹן מִשְׁפָּט׃ וְנָדִיב נְדִיבוֹת ח
יָעָץ וְהוּא עַל־נְדִיבוֹת יָקוּם׃ נָשִׁים שַׁאֲנַנּוֹת קֹמְנָה ט
שְׁמַעְנָה קוֹלִי בָּנוֹת בֹּטְחוֹת הַאְזֵנָּה אִמְרָתִי׃ יָמִים עַל־
שָׁנָה תִּרְגַּזְנָה בֹּטְחוֹת כִּי כָּלָה בָצִיר אֹסֶף בְּלִי יָבוֹא׃

---

לא, ד׳ קמץ בז״ק   לב, ז׳ קמץ בז״ק   עניים קרי   ט׳ הא׳ בשוא

אוּן זיינע ווערטער טוט ער ניט אָפּ.
אוּן ער וועט אויפשטיין קעגן הויז פוּן די שלעכטסטוּער,
אוּן קעגן דער הילף פוּן די וואָס ווערקן אוּמרעכט.
3 אוּן די מִצרים זיינען מענטשן, אוּן ניט גאָט,
אוּן זייערע פערד זיינען פלייש, אוּן ניט גייסט;
אוּן גאָט וועט אויסשטרעקן זיין האַנט,
אוּן שטרויכלען וועט דער העלפער,
אוּן פאַלן וועט דער געהאָלפענער,
אוּן אַלע אין איינעם וועלן זיי פאַרלענדט ווערן.
4 וואָרוּם אַזוי האָט געזאָגט גאָט צוּ מיר:
אַזוי ווי דער לייב אוּן דער יוּנגלייב בּרוּמט איבּער זיין רויב,
הגם אַ פוּלע פּאַסטוּכער זיינען אַיינגעזאַמלט אַרוּם אים;
פאַר זייער קָול דערשרעקט ער זיך ניט,
אוּן פאַר זייער ליאַרעם בּייגט ער זיך ניט;
אַזוי וועט גאָט פוּן צבָאוֹת נידערן,
צוּ האַלטן מלחמה אויפן בּאַרג פוּן צִיוֹן
אוּן אויף איר הויכן אָרט.
5 ווי פויגלען פלאַטערנדיק,
אַזוי וועט גאָט פוּן צבָאוֹת בּאַשירעמען ירוּשָלַיִם,
בּאַשירעמען אוּן מציל זיין,
פאַרשוינען אוּן ראַטעווען.

6 קערט אַייך אוּם צוּ וועמען איר האָט טיף ווידערשפּעניקט, קינדער פוּן ישׂראל.
7 פאַרוואָר, אין יענעם טאָג וועלן זיי פאַראַכטן
איטלעכער זיינע אָפּגעטער פוּן זילבּער,
אוּן זיינע אָפּגעטער פוּן גאָלד,
וואָס אַייערע הענט האָבּן אַייך געמאַכט צוּ זינד.
8 אוּן אַשוּר וועט פאַלן דוּרך דער שווערד פוּן ניט אַ מאַן,
אוּן די שווערד פוּן ניט אַ מענטשן וועט אים פאַרצערן;
אוּן ער וועט אַנטלויפן פאַרן שווערד,
אוּן זיינע יוּנגע לייט וועלן צוּ צינז ווערן.
9 אוּן זיין פעלז וועט פוּן מוֹרא פאַרגיין,
אוּן אַנגסטן פאַר דער פאָן וועלן זיינע האַרן,
זאָגט גאָט, וואָס זיין פייער איז אין צִיוֹן,
אוּן זיין אויוון אין ירוּשָלַיִם.

## לב

1 זע, מיט רעכטפאַרטיקייט וועט קיניגן דער קיניג,
אוּן האַרן–זיי וועלן הערשן מיט גערעכטיקייט.
2 אוּן איטלעכער וועט זיין
ווי אַ בּאַהעלטעניש פוּן ווינט,
אוּן אַ פאַרבּאָרגעניש פוּן גוּסרעגן;
ווי אַ בּעכן וואַסער אין אַ טריקעניש,
ווי דער שאָטן פוּן אַ שווערן פעלז
אין אַ פאַרשמאַכטן לאַנד.
3 אוּן ניט פאַרקלעפּט זיין וועלן די אויגן פוּן די זעער,
אוּן די אויערן פוּן די הערער וועלן פאַרנעמען.
4 אוּן דאָס האַרץ פוּן די איבּעראַיילטע וועט פאַרשטיין צוּ וויסן,
אוּן די צוּנג פוּן די שטאַמלער וועט רעדן געלויפיק קלאָר.
5 אוּן דעם געמיינעם וועט מען ניט רוּפן מער אַדלמאַן,
אוּן אויפן גייציקן וועט מען ניט זאָגן מער נַדבן.
6 וואָרוּם דער געמיינער רעדט געמיין,
אוּן זיין האַרץ אַרבּעט אוּמרעכט,
צוּ טאָן פאַלשקייט,
אוּן צוּ רעדן וועגן גאָט מיט גענאַר;
צוּ לאָזן ליידיק דעם לייבּ פוּן דעם הוּנגעריקן,
אוּן דעם טראַנק פוּן דעם דאָרשטיקן צוּ מינערן.
7 אוּן דער גייציקער, זיינע געציייג[א] זיינען שלעכט,
בּייזע מחשבוֹת בּאַראָט ער,
אוּמצוּבּרענגען דעם אָרימאַן מיט רייד פוּן ליגן,
אַפילוּ ווען דער אביון טענהט גערעכט.
8 אָבּער דער אַדלמאַן בּאַראָט אַדלקייט,
אוּן אויף אַדלקייט וועט ער בּאַשטיין.

9 איר רוּאיקע ווייבּער,
שטייט אויף, הערט מיין קָול;
איר זיכערע טעכטער,
פאַרנעמט מיין זאָג.
10 טעג אוּן יאָרן וועט איר ציטערן,
איר זיכערע,
וואָרוּם די לעז איז פאַרלענדט,
קיין אַיינזאַמלוּנג וועט ניט קוּמען.

[א] וואָרטשפּיל: וְכֵלַי כֵּלָיו.

יא חִרְדוּ שַׁאֲנַנּוֹת רְגָזָה בֹּטְחוֹת פְּשֹׁטָה וְעֹרָה וַחֲגוֹרָה עַל־
יב חֲלָצָיִם׃ עַל־שָׁדַיִם סֹפְדִים עַל־שְׂדֵי־חֶמֶד עַל־גֶּפֶן פֹּרִיָּה׃
יג עַל אַדְמַת עַמִּי קוֹץ שָׁמִיר תַּעֲלֶה כִּי עַל־כָּל־בָּתֵּי מָשׂוֹשׂ
יד קִרְיָה עַלִּיזָה׃ כִּי־אַרְמוֹן נֻטָּשׁ הֲמוֹן עִיר עֻזָּב עֹפֶל וָבַחַן
הָיָה בְעַד מְעָרוֹת עַד־עוֹלָם מְשׂוֹשׂ פְּרָאִים מִרְעֵה עֲדָרִים׃
טו עַד־יֵעָרֶה עָלֵינוּ רוּחַ מִמָּרוֹם וְהָיָה מִדְבָּר לַכַּרְמֶל וְכַרְמֶל
טז לַיַּעַר יֵחָשֵׁב׃ וְשָׁכַן בַּמִּדְבָּר מִשְׁפָּט וּצְדָקָה בַּכַּרְמֶל
יז תֵּשֵׁב׃ וְהָיָה מַעֲשֵׂה הַצְּדָקָה שָׁלוֹם וַעֲבֹדַת הַצְּדָקָה הַשְׁקֵט
יח וָבֶטַח עַד־עוֹלָם׃ וְיָשַׁב עַמִּי בִּנְוֵה שָׁלוֹם וּבְמִשְׁכְּנוֹת
יט מִבְטַחִים וּבִמְנוּחֹת שַׁאֲנַנּוֹת׃ וּבָרַד בְּרֶדֶת הַיָּעַר וּבַשִּׁפְלָה
כ תִּשְׁפַּל הָעִיר׃ אַשְׁרֵיכֶם זֹרְעֵי עַל־כָּל־מָיִם מְשַׁלְּחֵי רֶגֶל־
הַשּׁוֹר וְהַחֲמוֹר׃

לג

א הוֹי שׁוֹדֵד וְאַתָּה לֹא שָׁדוּד וּבוֹגֵד וְלֹא־בָגְדוּ בוֹ כַּהֲתִמְךָ
ב שׁוֹדֵד תּוּשַּׁד כַּנְּלֹתְךָ לִבְגֹּד יִבְגְּדוּ־בָךְ׃ יְהוָה חָנֵּנוּ
לְךָ קִוִּינוּ הֱיֵה זְרֹעָם לַבְּקָרִים אַף־יְשׁוּעָתֵנוּ בְּעֵת צָרָה׃
ג ד מִקּוֹל הָמוֹן נָדְדוּ עַמִּים מֵרוֹמְמֻתֶךָ נָפְצוּ גּוֹיִם׃ וְאֻסַּף
ה שְׁלַלְכֶם אֹסֶף הֶחָסִיל כְּמַשַּׁק גֵּבִים שֹׁקֵק בּוֹ׃ נִשְׂגָּב
ו יְהוָה כִּי שֹׁכֵן מָרוֹם מִלֵּא צִיּוֹן מִשְׁפָּט וּצְדָקָה׃ וְהָיָה
אֱמוּנַת עִתֶּיךָ חֹסֶן יְשׁוּעֹת חָכְמַת וָדָעַת יִרְאַת יְהוָה הִיא
ז אוֹצָרוֹ׃ הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם
ח מַר יִבְכָּיוּן׃ נָשַׁמּוּ מְסִלּוֹת שָׁבַת עֹבֵר אֹרַח הֵפֵר בְּרִית
ט מָאַס עָרִים לֹא חָשַׁב אֱנוֹשׁ׃ אָבַל אֻמְלְלָה אֶרֶץ הֶחְפִּיר
לְבָנוֹן קָמַל הָיָה הַשָּׁרוֹן כָּעֲרָבָה וְנֹעֵר בָּשָׁן וְכַרְמֶל׃
י יא עַתָּה אָקוּם יֹאמַר יְהוָה עַתָּה אֵרוֹמָם עַתָּה אֶנָּשֵׂא׃ תַּהֲרוּ
יב חֲשַׁשׁ תֵּלְדוּ קַשׁ רוּחֲכֶם אֵשׁ תֹּאכַלְכֶם׃ וְהָיוּ עַמִּים

לב, יד׳ קמץ בז״ק    טו׳ והכרמל קרי    לג, א׳ דגש אחר שורק
ט׳ קמץ בז״ק    פתח באתנח    י׳ קמץ בז״ק    יא׳ פתח באתנח

11 שוידערט, איר רואיקע,
ציטערט, איר זיכערע;
טוט אײַך אויס און אַנטבלויזט אײַך,
און גורט [זאַק] אויף די לענדן,
12 אויף די בריסט זיך שלאָגנדיק,
איבער די גלוסטיקע פעלדער,
איבערן פרוכטיקן װײַנשטאָק;
13 איבער דער ערד פון מײַן פאָלק,
פאַרוואַקסן מיט דערנער און ווילדגעוועקס;
יאָ, איבער אַלע הײַזער פון לוסטיקײַט,
איבערן פרײלעכן כּרך.
14 וואָרום דער פּאַלאַץ איז פאַרלאָזט,
דער טומל פון שטאָט האָט אויפגעהערט;
דער ערדוואַל און דער טורעם
זײַנען פאַר הײלן אויף אײביק,
אַ פרײד פאַר וואַלדאײזלען,
אַ פּיטערונג פאַר סטאַדעס.
15 ביז אויסגעגאָסן וועט ווערן אויף אונדז
אַ גײַסט פון דער הײך,
און דער מדבּר וועט ווערן אַ פרוכטגאָרטן,
און דער פרוכטגאָרטן וועט פאַר אַ וואַלד גערעכנט
ווערן.
16 און אין מדבּר וועט רוען גערעכטיקײט,
און רעכטפאַרטיקײט וועט װוינען אין פרוכטגאָרטן.
17 און דאָס ווערק פון רעכטפאַרטיקײט וועט זײַן שלום,
און דער אויפטו פון רעכטפאַרטיקײט–
רו און זיכערקײט אויף אײביק.
18 און מײַן פאָלק וועט זיצן אין אַ װוינונג פון שלום,
און אין װוינערטער זיכערע, און אין רואונגען שטילע.
19 און מע וועט זיך צעשפּרײטן אויף דעם אַראָפּגאַנג[א] פון
וואַלד,
און ביז אין דער נידערונג וועט נידערן די שטאָט.
20 װויל צו אײַך וואָס זײַט בײַ אַלע וואַסערן,
וואָס לאָזט אַרויס פרײַ דעם פוס פון דעם אָקס און דעם
אײזל.

לג 1 ווײ, דו פאַרוויסטער וואָס ווערסט ניט פאַרוויסט,
און דו פעלשער וואָס מע פעלשט ניט אָן דיר!
אַז דו וועסט אויפהערן פאַרוויסטן, וועסטו פאַרוויסט ווערן,
אַז דו וועסט ענדיקן פעלשן, וועט מען פעלשן אָן דיר.
2 גאָט לײטזעליק אונדז,
צו דיר האָבן מיר געהאָפט;
זײ זײער אָרעם אַלע פרימאָרגן,
און אונדזער הילף אין צײַט פון נויט.
3 פון קָול פון דעם טומל זײַנען די אומות אַנטלאָפן,
פון דײַן אויפהײבן זיך ווערן די פעלקער צעשפּרײט.
4 און אויפגעקלײבן וועט ווערן אײַער רויב
ווי דער הײשעריק קלײַבט אויף,
ווי גרילן שפּרינגען,
טוט מען שפּרינגען דערויף.
5 דערהויבן איז גאָט, וואָרום ער רוט אין דער הײך;
ער פילט אָן ציון מיט רעכט און גערעכטיקײט.
6 און די זיכערקײט פון דײַנע צײַטן וועט זײַן
אַ שאַץ מיט ישועות: חכמה און דערקענונג;
מורא פאַר גאָט, דאָס וועט זײַן זײַן אוצר.

7 זע, זײערע העלדן קלאָגן דרויסן,
די שלוחים פון שלום טוען ביטער װײנען.
8 פאַרוויסט זײַנען די וועגן,
אויפגעהערט דער וועגפאָרער;
ער האָט פאַרשטערט דעם בונד,
ער האָט פאַראַכט די שטעט,
ער אַכט ניט אויף קײן מענטשן.
9 פאַרטרויערט, פאַרשניטן איז דאָס לאַנד,
פאַרשעמט איז דער לבנון, פאַרוועלקט;
דער שרון איז ווי אַ מדבּר געוואָרן,
און אָפּגעטרײסלט איז בָשָן און כַּרמֶל.
10 אַצונד וועל איך אויפשטײן, זאָגט גאָט,
אַצונד וועל איך זיך דערהײכן,
אַצונד וועל איך זיך אויפהײבן.
11 איר טראָגט שפּרײַ, וועט איר געבערן שטרוי;
אײַער אָטעם–אַ פײַער וואָס וועט אײַך פאַרצערן.
12 און די פעלקער וועלן זײַן ווי קאַלך פאַרברענטע.

[א] וואָרטשפּיל: וּבָרַד בְּרֶדֶת.

מִשְׂרְפוֹת שִׂיד קוֹצִים כְּסוּחִים בָּאֵשׁ יִצַּתּוּ׃ שִׁמְעוּ יג
רְחוֹקִים אֲשֶׁר עָשִׂיתִי וּדְעוּ קְרוֹבִים גְּבֻרָתִי׃ פָּחֲדוּ בְצִיּוֹן יד
חַטָּאִים אָחֲזָה רְעָדָה חֲנֵפִים מִי ׀ יָגוּר לָנוּ אֵשׁ אוֹכֵלָה
מִי־יָגוּר לָנוּ מוֹקְדֵי עוֹלָם׃ הֹלֵךְ צְדָקוֹת וְדֹבֵר מֵישָׁרִים טו
מֹאֵס בְּבֶצַע מַעֲשַׁקּוֹת נֹעֵר כַּפָּיו מִתְּמֹךְ בַּשֹּׁחַד אֹטֵם אָזְנוֹ
מִשְּׁמֹעַ דָּמִים וְעֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע׃ הוּא מְרוֹמִים טז
יִשְׁכֹּן מְצָדוֹת סְלָעִים מִשְׂגַּבּוֹ לַחְמוֹ נִתָּן מֵימָיו נֶאֱמָנִים׃
מֶלֶךְ בְּיָפְיוֹ תֶּחֱזֶינָה עֵינֶיךָ תִּרְאֶינָה אֶרֶץ מַרְחַקִּים׃ לִבְּךָ יז יח
יֶהְגֶּה אֵימָה אַיֵּה סֹפֵר אַיֵּה שֹׁקֵל אַיֵּה סֹפֵר אֶת־הַמִּגְדָּלִים׃
אֶת־עַם נוֹעָז לֹא תִרְאֶה עַם עִמְקֵי שָׂפָה מִשְּׁמוֹעַ נִלְעַג יט
לָשׁוֹן אֵין בִּינָה׃ חֲזֵה צִיּוֹן קִרְיַת מוֹעֲדֵנוּ עֵינֶיךָ תִרְאֶינָה כ
יְרוּשָׁלִַם נָוֶה שַׁאֲנָן אֹהֶל בַּל־יִצְעָן בַּל־יִסַּע יְתֵדֹתָיו לָנֶצַח
וְכָל־חֲבָלָיו בַּל־יִנָּתֵקוּ׃ כִּי אִם־שָׁם אַדִּיר יְהוָה לָנוּ כא
מְקוֹם־נְהָרִים יְאֹרִים רַחֲבֵי יָדָיִם בַּל־תֵּלֶךְ בּוֹ אֳנִי־שַׁיִט
וְצִי אַדִּיר לֹא יַעַבְרֶנּוּ׃ כִּי יְהוָה שֹׁפְטֵנוּ יְהוָה מְחֹקְקֵנוּ כב
יְהוָה מַלְכֵּנוּ הוּא יוֹשִׁיעֵנוּ׃ נִטְּשׁוּ חֲבָלָיִךְ בַּל־יְחַזְּקוּ כֵן כג
תָּרְנָם בַּל־פָּרְשׂוּ נֵס אָז חֻלַּק עַד־שָׁלָל מַרְבֶּה פִּסְחִים בָּזְזוּ
בַז׃ וּבַל־יֹאמַר שָׁכֵן חָלִיתִי הָעָם הַיֹּשֵׁב בָּהּ נְשֻׂא עָוֹן׃ כד

## לד

קִרְבוּ גוֹיִם לִשְׁמֹעַ וּלְאֻמִּים הַקְשִׁיבוּ תִּשְׁמַע הָאָרֶץ וּמְלֹאָהּ א
תֵּבֵל וְכָל־צֶאֱצָאֶיהָ׃ כִּי קֶצֶף לַיהוָה עַל־כָּל־הַגּוֹיִם וְחֵמָה ב
עַל־כָּל־צְבָאָם הֶחֱרִימָם נְתָנָם לַטָּבַח׃ וְחַלְלֵיהֶם יֻשְׁלָכוּ ג
וּפִגְרֵיהֶם יַעֲלֶה בָאְשָׁם וְנָמַסּוּ הָרִים מִדָּמָם׃ וְנָמַקּוּ כָּל־ ד
צְבָא הַשָּׁמַיִם וְנָגֹלּוּ כַסֵּפֶר הַשָּׁמָיִם וְכָל־צְבָאָם יִבּוֹל כִּנְבֹל
עָלֶה מִגֶּפֶן וּכְנֹבֶלֶת מִתְּאֵנָה׃ כִּי־רִוְּתָה בַשָּׁמַיִם חַרְבִּי ה
הִנֵּה עַל־אֱדוֹם תֵּרֵד וְעַל־עַם חֶרְמִי לְמִשְׁפָּט׃ חֶרֶב ו
לַיהוָה מָלְאָה דָם הֻדַּשְּׁנָה מֵחֵלֶב מִדַּם כָּרִים וְעַתּוּדִים

לג, יב׳ פתח בס״פ   כ׳ הצ׳ בקמץ   כא׳ חצי הספר בפסוקים
כג׳ דג׳ בכתיב   לד, ג׳ קמץ בז״ק

ווי דערנער אָפּגעהאַקטע וואָס ווערן אין פייער געצונדן.
13 הערט, איר ווייטע, וואָס איך האָב געטאָן,
און ווייסט, איר נאָנטע, מיין גבורה.
14 עס אַנגסטן אין ציון די זינדיקע,
אַ ציטערניש האָט אָנגענומען די פאַלשע:
ווער פון אונדז קען וויילן אין דעם פייער וואָס
פאַרצערט?
ווער פון אונדז קען וויילן אין די אייביקע בראַנדן?
15 דער וואָס גייט אין רעכטפאַרטיקייט, און רעדט ערלעך,
דער וואָס פאַראַכט דעם געווין פון רויב,
דער וואָס שאָקלט אָפּ זיינע הענט פון אָננעמען שוחד,
דער וואָס פאַרשטאָפּט זיין אויער פון הערן וועגן בלוט,
און פאַרדריקט זיינע אויגן פון קוקן אויף שלעכטס.
16 ער וועט רוען אין דער הייך;
פעסטונגען פון פעלזן וועלן זיין זיין באַשיצונג;
זיין ברויט איז געגעבן, זיין וואַסער איז זיכער.

17 דעם מלך אין זיין שיינקייט וועלן אָנקוקן דיינע אויגן;
זיי וועלן זען אַ לאַנד פון ווייטענישן.
18 דיין האַרץ וועט טראַכטן אָן דער אימה:
ווו איז דער וואָס האָט געציילט?
ווו דער וואָס האָט געוווויגן?
ווו דער וואָס האָט די טורעמס געציילט?
19 דאָס פאַרשייטע פאָלק וועסטו מער ניט זען,
דאָס פאָלק מיט אַ טונקעלער שפּראַך, ניט צו פאַרשטיין,
מיט אַ שטאַמלדיקן לשון, ניט קלוג צו ווערן.
20 קוק אָן ציון, די שטאָט פון אונדזער איינזאַמלונג;
דיינע אויגן וועלן זען ירושלַים,
אַ וווינונג אַ רואיקע,
אַ געצעלט וואָס וועט ניט אַוועקגערוקט ווערן,
וואָס זיינע פלעקלעך וועלן אייביק ניט אַרויסגעצויגן
ווערן,
און אַלע זיינע שטריק וועלן ניט אָפּגעריסן ווערן.
21 נאָר דאָרטן וועט גאָט אונדז זיין מאַכטיק,
ווי אַן אָרט פון טייכן, שטראָמען ברייטרוימיקע,
וואָס קיין רודערשיף קען אויף אים ניט גיין,
און קיין שטאַרקער אָקרענט קען אים ניט איבערפאָרן.
22 וואָרום גאָט איז אונדזער ריכטער,
גאָט איז אונדזער געזעצגעבער,
גאָט איז אונדזער מלך;
ער וועט אונדז העלפן.
23 לויז געוואָרן זיינען דיינע שטריק,
זיי האַלטן ניט פעסט זייער מאַסט,
זיי שפּרייטן דעם זאַגל ניט אויס.
דענסמאָל ווערט פאַנג פון פיל זאַקרויב צעטיילט,
הינקעדיקע רויבן רויב.
24 און קיין איינוווינער וועט ניט זאָגן: איך בין קראַנק;
דעם פאָלק וואָס זיצט דערין איז פאַרגעבן די זינד.

לד 1 גענענט, איר פעלקער, צו הערן,
און איר אומות, פאַרנעמט;
זאָל הערן די ערד און איר פולקייט,
די וועלט און אַלע אירע שפּראָצונגען.
2 וואָרום גאָט האָט אַ כעס אויף אַלע פעלקער,
און אַ גרימצאָרן אויף זייער גאַנצן חיל;
ער האָט זיי צו חרם געמאַכט,
זיי איבערגעגעבן צו דער שחיטה.
3 און זייערע דערשלאָגענע וועלן זיך וואַלגערן,
און פון זייערע פגרים וועט אויפגיין אַ געשטאַנק,
און די בערג וועלן צעגיין פון זייער בלוט.
4 און דער גאַנצער חיל פון הימל וועט צעקריכן,
און די הימלען וועלן ווי אַ מגילה זיך אויפוויקלען,
און זייער גאַנץ חיל וועט אַראָפּוועלקן,
ווי אַ בלאַט וועלקט פון ווינשטאָק,
און ווי פאַרוועלקטס פון אַ פייגנבוים.
5 וואָרום אָנגעטרונקען אין הימל האָט זיך מיין שווערד,
אָט וועט זי אויף אֱדום אַראָפּנידערן,
און אויף דעם פאָלק פון מיין חרם, צום משפּט.
6 גאָטס שווערד איז פול מיט בלוט,
געזעפּטיקט מיט פעטס,
מיט בלוט פון לעמער און בעק,

מֵחֵלֶב כִּלְיוֹת אֵילִים כִּי זֶבַח לַיהוָה בְּבָצְרָה וְטֶבַח גָּדוֹל
ז בְּאֶרֶץ אֱדוֹם׃ וְיָרְדוּ רְאֵמִים עִמָּם וּפָרִים עִם־אַבִּירִים
ח וְרִוְּתָה אַרְצָם מִדָּם וַעֲפָרָם מֵחֵלֶב יְדֻשָּׁן׃ כִּי יוֹם נָקָם
ט לַיהוָה שְׁנַת שִׁלּוּמִים לְרִיב צִיּוֹן׃ וְנֶהֶפְכוּ נְחָלֶיהָ לְזֶפֶת
י וַעֲפָרָהּ לְגָפְרִית וְהָיְתָה אַרְצָהּ לְזֶפֶת בֹּעֵרָה׃ לַיְלָה וְיוֹמָם
לֹא תִכְבֶּה לְעוֹלָם יַעֲלֶה עֲשָׁנָהּ מִדּוֹר לָדוֹר תֶּחֱרָב לְנֵצַח
יא נְצָחִים אֵין עֹבֵר בָּהּ׃ וִירֵשׁוּהָ קָאַת וְקִפּוֹד וְיַנְשׁוֹף וְעֹרֵב
יב יִשְׁכְּנוּ־בָהּ וְנָטָה עָלֶיהָ קַו־תֹהוּ וְאַבְנֵי־בֹהוּ׃ חֹרֶיהָ וְאֵין
יג שָׁם מְלוּכָה יִקְרָאוּ וְכָל־שָׂרֶיהָ יִהְיוּ אָפֶס׃ וְעָלְתָה אַרְמְנֹתֶיהָ
סִירִים קִמּוֹשׂ וָחוֹחַ בְּמִבְצָרֶיהָ וְהָיְתָה נְוֵה תַנִּים חָצִיר
יד לִבְנוֹת יַעֲנָה׃ וּפָגְשׁוּ צִיִּים אֶת־אִיִּים וְשָׂעִיר עַל־רֵעֵהוּ
טו יִקְרָא אַךְ־שָׁם הִרְגִּיעָה לִּילִית וּמָצְאָה לָהּ מָנוֹחַ׃ שָׁמָּה
קִנְּנָה קִפּוֹז וַתְּמַלֵּט וּבָקְעָה וְדָגְרָה בְצִלָּהּ אַךְ־שָׁם נִקְבְּצוּ
טז דַיּוֹת אִשָּׁה רְעוּתָהּ׃ דִּרְשׁוּ מֵעַל־סֵפֶר יְהוָה וּקְרָאוּ
אַחַת מֵהֵנָּה לֹא נֶעְדָּרָה אִשָּׁה רְעוּתָהּ לֹא פָקָדוּ כִּי־פִי
יז הוּא צִוָּה וְרוּחוֹ הוּא קִבְּצָן׃ וְהוּא־הִפִּיל לָהֶן גּוֹרָל
וְיָדוֹ חִלְּקַתָּה לָהֶם בַּקָּו עַד־עוֹלָם יִירָשׁוּהָ לְדוֹר וָדוֹר
יִשְׁכְּנוּ־בָהּ׃

## לה

א יְשֻׂשׂוּם מִדְבָּר וְצִיָּה וְתָגֵל עֲרָבָה וְתִפְרַח כַּחֲבַצָּלֶת׃
ב פָּרֹחַ תִּפְרַח וְתָגֵל אַף גִּילַת וְרַנֵּן כְּבוֹד הַלְּבָנוֹן נִתַּן־לָהּ
הֲדַר הַכַּרְמֶל וְהַשָּׁרוֹן הֵמָּה יִרְאוּ כְבוֹד־יְהוָה הֲדַר אֱלֹהֵינוּ׃
ג ד חַזְּקוּ יָדַיִם רָפוֹת וּבִרְכַּיִם כֹּשְׁלוֹת אַמֵּצוּ׃ אִמְרוּ
לְנִמְהֲרֵי־לֵב חִזְקוּ אַל־תִּירָאוּ הִנֵּה אֱלֹהֵיכֶם נָקָם יָבוֹא
ה גְּמוּל אֱלֹהִים הוּא יָבוֹא וְיֹשַׁעֲכֶם׃ אָז תִּפָּקַחְנָה עֵינֵי עִוְרִים
ו וְאָזְנֵי חֵרְשִׁים תִּפָּתַחְנָה׃ אָז יְדַלֵּג כָּאַיָּל פִּסֵּחַ וְתָרֹן לְשׁוֹן
ז אִלֵּם כִּי־נִבְקְעוּ בַמִּדְבָּר מַיִם וּנְחָלִים בָּעֲרָבָה׃ וְהָיָה

לד, י׳ קמץ בז״ק   יא׳ ת׳ רפה

מיט נירנפעטס פון ווידערס;
וואָרום גאָט האָט אַ שלאַכטונג אין בָּצְרָה,
און אַ גרויסע שעכטונג אין לאַנד אֱדוֹם.
7 און נידערן וועלן ווילטירן מיט זיי,
און בולן מיט אָקסן;
און אָנטרינקען וועט זיך זייער ערד מיט בלוט,
און זייער שטויב וועט זיך זעפּטיקן מיט פעטס.
8 וואָרום אַ טאָג פון נקמה איז ביי גאָט,
אַ יאָר פון באַצאָלונג פאַר דעם קריג פון צִיוֹן.
9 און פאַרקערט ווערן אין פעך וועלן אירע שטראָמען,
און איר שטויב אין שוועבל,
און איר ערד וועט ווערן ברענענדיקע פעך.
10 טאָג און נאַכט וועט זי ניט פאַרלאָשן ווערן,
אויף אייביק וועט אויפגיין איר רויך;
פון דָור צו דָור וועט זי וויסט זיין,
אויף אייביקאייביקייטן וועט קיינער ניט דורכגיין דורך
איר.
11 און ירשען וועלן זי דער פעליקאַן און דער זומפּבושל,
און די אַייל און דער ראָב וועלן רוען אין איר;
און ער וועט ציען אויף איר אַ שנור פון וויסטקייט,
און אַ גרונטוואָג פון ליידיקייט.
12 פון אירע אַדללייט וועט ניט זיין דאָרט
ווער עס זאָל אַ מלוכה אויסרופן;
און אַלע אירע שָׂרות וועלן ווערן צו נישט.
13 און אויפגיין וועלן דערנער אין אירע פּאַלאַצן,
און קראָפּיווע און שטעכגעוועקס אין אירע פעסטונגען;
און זי וועט זיין אַ וווינונג פון שאַקאַלן,
אַ געהעפט פאַר שטרויספויגלען.
14 און ווילדע קעץ וועלן אָנטרעפן מדבר־הינט,
און אַ שד וועט רופן צו זיין חבר;
יאָ, דאָרטן טוט לילית רוען,
און געפינט איר מנוחה.
15 דאָרט מאַכט די פייַלשלאַנג איר נעסט, און לייגט,
און בריט און וואַרעמט אין איר שאָטן;
יאָ, דאָרט זאַמלען זיך האַביכפויגלען
איינער צום אַנדערן.
16 פאָרשט אין גאָטס בוך, און לייענט;
קיינס פון די דאָזיקע איז ניט געמינערט,
קיינס פעלט ניט צום אַנדערן.
וואָרום מיין מויל האָט באַפוילן,
און זיין אָטעם האָט זיי איינגעזאַמלט.
17 און ער האָט זיי געוואָרפן אַ גוֹרל,
און זיין האַנט האָט עס זיי צעטיילט מיט אַ שנור;
ביז אייביק וועלן זיי עס ירשען,
אויף דור־דורות וועלן זיי רוען דערין.

## לה

1 לוסטיק זיין וועלן דער מדבר און די טריקעניש,
און פרייען וועט זיך די וויסטע,
און בליען ווי אַ רויז.
2 בליען וועט זי בליען, און זיך פרייען,
יאָ, מיט פרייד און געזאַנג;
די פּראַכט פון לְבָנוֹן איז איר געגעבן,
די שיינקייט פון כַּרְמֶל און שָׁרוֹן;
זיי וועלן זען די פּראַכט פון יהוה,
די שיינקייט פון אונדזער גאָט.
3 שטאַרקט די שלאַפע הענט,
און די שטרויכלדיקע קני טוט פעסטיקן.
4 זאָגט צו די אומרואיקע הערצער:
זייט שטאַרק, האָט ניט מוֹרא;
אָט איז אַייער גאָט,
ער וועט קומען מיט נקמה,
מיט פאַרגעלטונג פון גאָט
וועט ער קומען און אַייך העלפן.
5 דענסמאָל וועלן אויפגעמאַכט ווערן די אויגן פון בלינדע,
און די אויערן פון טויבע וועלן געעפנט ווערן.
6 דענסמאָל וועט אַ הינקעדיקער שפּרינגען ווי אַ הינד,
און די צונג פון אַ שטומען וועט זינגען;
וואָרום אין מדבר ברעכן אויס וואַסערן,
און בעכן אין דער וויסטע.

הַשָּׁרָב לַאֲגַם וְצִמָּאוֹן לְמַבּוּעֵי מָיִם בִּנְוֵה תַנִּים רִבְצָהּ
חָצִיר לְקָנֶה וָגֹמֶא׃ וְהָיָה־שָׁם מַסְלוּל וָדֶרֶךְ וְדֶרֶךְ הַקֹּדֶשׁ ח
יִקָּרֵא לָהּ לֹא־יַעַבְרֶנּוּ טָמֵא וְהוּא־לָמוֹ הֹלֵךְ דֶּרֶךְ וֶאֱוִילִים
לֹא יִתְעוּ׃ לֹא־יִהְיֶה שָׁם אַרְיֵה וּפְרִיץ חַיּוֹת בַּל־יַעֲלֶנָּה ט
לֹא תִמָּצֵא שָׁם וְהָלְכוּ גְּאוּלִים׃ וּפְדוּיֵי יְהוָה יְשֻׁבוּן וּבָאוּ י
צִיּוֹן בְּרִנָּה וְשִׂמְחַת עוֹלָם עַל־רֹאשָׁם שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה יַשִּׂיגוּ
וְנָסוּ יָגוֹן וַאֲנָחָה׃

## לו

וַיְהִי בְּאַרְבַּע עֶשְׂרֵה שָׁנָה לַמֶּלֶךְ חִזְקִיָּהוּ עָלָה סַנְחֵרִיב א
מֶלֶךְ־אַשּׁוּר עַל כָּל־עָרֵי יְהוּדָה הַבְּצֻרוֹת וַיִּתְפְּשֵׂם׃ וַיִּשְׁלַח ׀ ב
מֶלֶךְ־אַשּׁוּר ׀ אֶת־רַבְשָׁקֵה מִלָּכִישׁ יְרוּשָׁלַיְמָה אֶל־הַמֶּלֶךְ
חִזְקִיָּהוּ בְּחֵיל כָּבֵד וַיַּעֲמֹד בִּתְעָלַת הַבְּרֵכָה הָעֶלְיוֹנָה
בִּמְסִלַּת שְׂדֵה כוֹבֵס׃ וַיֵּצֵא אֵלָיו אֶלְיָקִים בֶּן־חִלְקִיָּהוּ אֲשֶׁר ג
עַל־הַבָּיִת וְשֶׁבְנָא הַסֹּפֵר וְיוֹאָח בֶּן־אָסָף הַמַּזְכִּיר׃ וַיֹּאמֶר ד
אֲלֵיהֶם רַבְשָׁקֵה אִמְרוּ־נָא אֶל־חִזְקִיָּהוּ כֹּה־אָמַר הַמֶּלֶךְ
הַגָּדוֹל מֶלֶךְ אַשּׁוּר מָה הַבִּטָּחוֹן הַזֶּה אֲשֶׁר בָּטָחְתָּ׃
אָמַרְתִּי אַךְ־דְּבַר־שְׂפָתַיִם עֵצָה וּגְבוּרָה לַמִּלְחָמָה עַתָּה ה
עַל־מִי בָטַחְתָּ כִּי מָרַדְתָּ בִּי׃ הִנֵּה בָטַחְתָּ עַל־מִשְׁעֶנֶת ו
הַקָּנֶה הָרָצוּץ הַזֶּה עַל־מִצְרַיִם אֲשֶׁר יִסָּמֵךְ אִישׁ עָלָיו וּבָא
בְכַפּוֹ וּנְקָבָהּ כֵּן פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרַיִם לְכָל־הַבֹּטְחִים עָלָיו׃
וְכִי־תֹאמַר אֵלַי אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ בָּטָחְנוּ הֲלוֹא הוּא אֲשֶׁר ז
הֵסִיר חִזְקִיָּהוּ אֶת־בָּמֹתָיו וְאֶת־מִזְבְּחֹתָיו וַיֹּאמֶר לִיהוּדָה
וְלִירוּשָׁלַםִ לִפְנֵי הַמִּזְבֵּחַ הַזֶּה תִּשְׁתַּחֲווּ׃ וְעַתָּה הִתְעָרֶב ח
נָא אֶת־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אַשּׁוּר וְאֶתְּנָה לְךָ אַלְפַּיִם סוּסִים אִם־
תּוּכַל לָתֶת לְךָ רֹכְבִים עֲלֵיהֶם׃ וְאֵיךְ תָּשִׁיב אֵת פְּנֵי ט
פַחַת אַחַד עַבְדֵי אֲדֹנִי הַקְּטַנִּים וַתִּבְטַח לְךָ עַל־מִצְרַיִם
לְרֶכֶב וּלְפָרָשִׁים׃ וְעַתָּה הֲמִבַּלְעֲדֵי יְהוָה עָלִיתִי עַל־ י
הָאָרֶץ הַזֹּאת לְהַשְׁחִיתָהּ יְהוָה אָמַר אֵלַי עֲלֵה אֶל־הָאָרֶץ

7 און דאָס הייסע געזעמד וועט ווערן צום געמויזעכץ,
און אַ דאָרשטעניש צו קוואַלן וואַסער;
אין וווינאָרט פון שאַקאַלן וועט זיין אַ הויערונג [פון שאָף],
אַ געהעפּט פאַר ראָר און יאַמש.
8 און דאָרט וועט זיין אַ שטעג און אַ וועג,
און דער הייליקער וועג וועט מען אים רופן;
ניט דורכגיין וועט אים אַן אומריינער,
נייערט פאַר זיי וועט ער זיין;
וועגגייער אַפילו אומגעניטע וועלן ניט בלאָנדזשען.
9 דאָרט וועט ניט זיין קיין לייב,
און קיין ווילדע חיה וועט ניט אַרויפגיין אויף אים–
זיי וועלן זיך דאָרט ניט געפינען.
און די אויסגעלייזטע וועלן גיין,
10 און די דערלייזטע פון גאָט וועלן צוריקקערן,
און וועלן קומען קיין ציון מיט געזאַנג,
און אַן אייביקע שמחה וועט זיין אויף זייער קאָפּ;
ששׂון־ושׂמחה וועט זיי אָניאָגן,
און אַנטלויפן וועלן טרויער און זיפצעניש.

לו 1 און עס איז געווען אין פערצנטן יאָר פון מלך
חִזקִיָהון, איז אַרויפגעגאַנגען סַנחֵריב דער מלך פון
אַשור אויף אַלע באַפעסטיקטע שטעט פון יהודה, און
האָט זיי אַיינגענומען. 2 און דער מלך פון אַשור האָט
געשיקט רַבשָקֵהן פון לָכיש קיין ירושָלַיִם צום מלך חִזקִיָהון
מיט אַ גרויסן חיל. און ער האָט זיך געשטעלט ביי דעם
גראָבן פון דעם אויבערשטן טייך אויפן וועג פון וועשער־
פעלד. 3 איז אַרויסגעגאַנגען צו אים אֶליָקים דער זון
פון חִלקִיָהון, וואָס איבערן פּאַלאַץ, און שֶבנאָ דער שרייבער, און יוֹאָח דער זון פון אָסָפן, דער דערמאָנער.
4 און רַבשָקֵה האָט צו זיי געזאָגט: זאָגט אַקאָרשט צו חִזקִיָהון: אַזוי האָט געזאָגט דער גרויסער מלך, דער מלך פון
אַשור: וואָס איז דידאָזיקע פאַרזיכערונג וואָס דו פאַרזיכערסט זיך? 5 איך זאָג: דאָס איז נאָר ליפּגערייד; אַן עצה און
גבורה דאַרף מען פאַר מלחמה. אַצונד, אויף וועמען פאַרזיכערסטו זיך, וואָס דו האָסט ווידערשפּעניקט אָן מיר? 6 זע,
דו פאַרזיכערסט זיך אויף דעם שטעקן פון דעמדאָזיקן צעבראָכענעם ראָר–אויף מִצרַיִם–וואָס אַז אַ מענטש לענט זיך
אויף אים אָן, גייט ער אים אַריין אין דער האַנט, און לעכערט זי דורך; אַזוי איז פַּרעה דער מלך פון מִצרַיִם פאַר אַלע
וואָס פאַרזיכערן זיך אויף אים. 7 און אַז דו וועסט מיר זאָגן: מיר פאַרזיכערן זיך אויף יהוה אונדזער גאָט; איז דאָס ניט
דער וואָס חִזקִיָהו האָט אָפּגעטאָן זיינע בָמות און זיינע מזבחות, און האָט געזאָגט צו יהודה און צו ירושָלַיִם: פאַר דעמ־
דאָזיקן מזבח זאָלט איר זיך בוקן? 8 און אַצונד, פאַרוועט זיך אַקאָרשט מיט מיין האַר דעם מלך פון אַשור, און איך וועל
דיר געבן צוויי טויזנט פערד, אויב דו קענסט דיר אַרויפזעצן רייטער אויף זיי. 9 היינט ווי קענסטו אָפּשטויסן דעם פּנים
פון אַ הויפּטמאַן, איינעם פון די קלענסטע קנעכט פון מיין האַר? פון דעסטוועגן פאַרזיכערסטו זיך אויף מִצרַיִם וועגן
רייטוועגן און רייטער. 10 און אַצונד, בין איך דען אָן יהוה אַרויפגעקומען אויף דעמדאָזיקן לאַנד, עס צו פאַרוויסטן?
יהוה האָט צו מיר געזאָגט: גיי אַרויף אויף דעמדאָזיקן לאַנד, און פאַרוויסט עס.

יא הַזֹּאת וְהַשְׁחִיתָהּ: וַיֹּאמֶר אֶלְיָקִים וְשֶׁבְנָא וְיוֹאָח אֶל־
רַבְשָׁקֵה דַּבֶּר־נָא אֶל־עֲבָדֶיךָ אֲרָמִית כִּי שֹׁמְעִים אֲנָחְנוּ
וְאַל־תְּדַבֵּר אֵלֵינוּ יְהוּדִית בְּאָזְנֵי הָעָם אֲשֶׁר עַל־הַחוֹמָה:
יב וַיֹּאמֶר רַבְשָׁקֵה הַאֶל אֲדֹנֶיךָ וְאֵלֶיךָ שְׁלָחַנִי אֲדֹנִי לְדַבֵּר
אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה הֲלֹא עַל־הָאֲנָשִׁים הַיֹּשְׁבִים עַל־
הַחוֹמָה לֶאֱכֹל אֶת־חֲרָאֵיהֶם וְלִשְׁתּוֹת אֶת־שֵׁינֵיהֶם עִמָּכֶם:
יג וַיַּעֲמֹד רַבְשָׁקֵה וַיִּקְרָא בְקוֹל־גָּדוֹל יְהוּדִית וַיֹּאמֶר שִׁמְעוּ
יד אֶת־דִּבְרֵי הַמֶּלֶךְ הַגָּדוֹל מֶלֶךְ אַשּׁוּר: כֹּה אָמַר הַמֶּלֶךְ
טו אַל־יַשִּׁא לָכֶם חִזְקִיָּהוּ כִּי לֹא־יוּכַל לְהַצִּיל אֶתְכֶם: וְאַל־
יַבְטַח אֶתְכֶם חִזְקִיָּהוּ אֶל־יְהוָה לֵאמֹר הַצֵּל יַצִּילֵנוּ יְהוָה
טז לֹא תִנָּתֵן הָעִיר הַזֹּאת בְּיַד מֶלֶךְ אַשּׁוּר: אַל־תִּשְׁמְעוּ
אֶל־חִזְקִיָּהוּ כִּי כֹה אָמַר הַמֶּלֶךְ אַשּׁוּר עֲשׂוּ אִתִּי בְרָכָה
וּצְאוּ אֵלַי וְאִכְלוּ אִישׁ־גַּפְנוֹ וְאִישׁ תְּאֵנָתוֹ וּשְׁתוּ אִישׁ מֵי־
יז בוֹרוֹ: עַד־בֹּאִי וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם אֶל־אֶרֶץ כְּאַרְצְכֶם אֶרֶץ
יח דָּגָן וְתִירוֹשׁ אֶרֶץ לֶחֶם וּכְרָמִים: פֶּן־יַסִּית אֶתְכֶם חִזְקִיָּהוּ
לֵאמֹר יְהוָה יַצִּילֵנוּ הַהִצִּילוּ אֱלֹהֵי הַגּוֹיִם אִישׁ אֶת־אַרְצוֹ
יט מִיַּד מֶלֶךְ אַשּׁוּר: אַיֵּה אֱלֹהֵי חֲמָת וְאַרְפָּד אַיֵּה אֱלֹהֵי
כ סְפַרְוָיִם וְכִי־הִצִּילוּ אֶת־שֹׁמְרוֹן מִיָּדִי: מִי בְּכָל־אֱלֹהֵי
הָאֲרָצוֹת הָאֵלֶּה אֲשֶׁר־הִצִּילוּ אֶת־אַרְצָם מִיָּדִי כִּי־יַצִּיל
כא יְהוָה אֶת־יְרוּשָׁלִַם מִיָּדִי: וַיַּחֲרִישׁוּ וְלֹא־עָנוּ אֹתוֹ דָּבָר
כב כִּי־מִצְוַת הַמֶּלֶךְ הִיא לֵאמֹר לֹא תַעֲנֻהוּ: וַיָּבֹא אֶלְיָקִים
בֶּן־חִלְקִיָּהוּ אֲשֶׁר־עַל־הַבַּיִת וְשֶׁבְנָא הַסֹּפֵר וְיוֹאָח בֶּן־
אָסָף הַמַּזְכִּיר אֶל־חִזְקִיָּהוּ קְרוּעֵי בְגָדִים וַיַּגִּידוּ לוֹ אֵת
דִּבְרֵי רַבְשָׁקֵה:

לו

א וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ הַמֶּלֶךְ חִזְקִיָּהוּ וַיִּקְרַע אֶת־בְּגָדָיו וַיִּתְכַּס בַּשָּׂק
ב וַיָּבֹא בֵּית יְהוָה: וַיִּשְׁלַח אֶת־אֶלְיָקִים אֲשֶׁר־עַל־הַבַּיִת

לו, יב׳ צואתם קרי   מימי רגליהם קרי   לז, א׳ קמץ בז״ק

11 האָט אֶלְיָקִים און שֶׁבנאָ און יוֹאָח געזאָגט צו רַבשָׁקֵהן: רעד, איך בעט דיך, צו דיינע קנעכט אַראַמיש, וואָרום מיר פאַרשטייען עס, און רעד ניט צו אונדז יהודיש אין די אויערן פון דעמדאָזיקן פאָלק וואָס אויף דער מויער.

12 האָט רַבשָׁקֵה געזאָגט: האָט דען צו דיין האַר און צו דיר מיך געשיקט מיין האַר צו רעדן דידאָזיקע ווערטער, און ניט צו די מענטשן וואָס זיצן אויף דער מויער, צו עסן זייער קויט, און צו טרינקען זייער לייַב־וואַסער, ביי אַייך?

13 און רַבשָׁקֵה האָט זיך געשטעלט, און האָט אויס־געשריגן אויף אַ הויכן קול, אויף יהודיש, און האָט געזאָגט: הערט די ווערטער פון דעם גרויסן מלך, דעם מלך פון אַשור: 14 אַזוי האָט געזאָגט דער מלך: זאָל אַייך חִזקִיָהוּ ניט נאַרן, וואָרום ער קען אַייך ניט מציל זיין. 15 און זאָל אַייך חִזקִיָהוּ ניט פאַרזיכערן אויף יהוה, אַזוי צו זאָגן: מציל זיין וועט אונדז מציל זיין יהוה; דידאָזיקע שטאָט וועט ניט איבערגעגעבן ווערן אין דער האַנט פון דעם מלך פון אַשור. 16 איר זאָלט זיך ניט צוהערן צו חִזקִיָהון, וואָרום אַזוי האָט געזאָגט דער מלך פון אַשור: מאַכט מיט מיר שלום, און קומט אַרויס צו מיר, און עסט איטלעכער פון זיין ווייַנשטאָק און איטלעכער פון זיין פייגנבוים, און טרינקט איטלעכער דאָס וואַסער פון זיין ברונעם; 17 ביז איך קום, און וועל אַייך נעמען אין אַ לאַנד אַזוי ווי אַייער לאַנד, אַ לאַנד פון תבואה און וויין, אַ לאַנד פון ברויט און וויינגערטנער. 18 זאָל אַייך נאָר חִזקִיָהוּ ניט אַיינרעדן, אַזוי צו זאָגן: יהוה וועט אונדז מציל זיין. האָבן דען מציל געווען די געטער פון די פעלקער איטלעכער זיין לאַנד פון דער האַנט פון דעם מלך פון אַשור? 19 ווו זיינען די געטער פון חֲמָת און אַרפַּד? ווו זיינען די געטער פון ספַרוַיִם? און האָבן זיי דען מציל געווען שומרון פון מיין האַנט? 20 ווער זיינען צווישן אַלע געטער פון דידאָזיקע לענדער, וואָס האָבן מציל געווען זייער לאַנד פון מיין האַנט, אַז יהוה זאָל מציל זיין ירושָׁלַיִם פון מיין האַנט?

21 האָבן זיי געשוויגן, און האָבן אים אַ וואָרט ניט געענטפערט, וואָרום דער באַפעל פון מלך איז געווען, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט אים ניט ענטפערן.

22 איז געקומען אֶלְיָקים דער זון פון חִלקִיָהון, וואָס איבערן פּאַלאַץ, און שֶׁבנאָ דער שרייבער, און יוֹאָח דער זון פון אָסָפן, דער דערמאָנער, צו חִזקִיָהון, מיט צעריסענע קליידער, און זיי האָבן אים דערציילט די ווערטער פון רַבשָׁקֵהן.

לז 1 און עס איז געווען, ווי דער מלך חִזקִיָהוּ האָט עס געהערט, אַזוי האָט ער צעריסן זיינע קליידער, און זיך צו־געדעקט מיט זאַק, און ער איז געקומען אין הויז פון גאָט. 2 און ער האָט געשיקט אֶלְיָקימען וואָס איבערן פּאַלאַץ,

וְאֵת ׀ שֶׁבְנָא הַסּוֹפֵר וְאֵת זִקְנֵי הַכֹּהֲנִים מִתְכַּסִּים בַּשַּׂקִּים
אֶל־יְשַׁעְיָהוּ בֶן־אָמוֹץ הַנָּבִיא׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו כֹּה אָמַר ג
חִזְקִיָּהוּ יוֹם־צָרָה וְתוֹכֵחָה וּנְאָצָה הַיּוֹם הַזֶּה כִּי בָאוּ בָנִים
עַד־מַשְׁבֵּר וְכֹחַ אַיִן לְלֵדָה׃ אוּלַי יִשְׁמַע יְהוָה אֱלֹהֶיךָ ד
אֵת ׀ דִּבְרֵי רַבְשָׁקֵה אֲשֶׁר שְׁלָחוֹ מֶלֶךְ־אַשּׁוּר ׀ אֲדֹנָיו לְחָרֵף
אֱלֹהִים חַי וְהוֹכִיחַ בַּדְּבָרִים אֲשֶׁר שָׁמַע יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
וְנָשָׂאתָ תְפִלָּה בְּעַד הַשְּׁאֵרִית הַנִּמְצָאָה׃ וַיָּבֹאוּ עַבְדֵי ה
הַמֶּלֶךְ חִזְקִיָּהוּ אֶל־יְשַׁעְיָהוּ׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם יְשַׁעְיָהוּ כֹּה ו
תֹאמְרוּן אֶל־אֲדֹנֵיכֶם כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה אַל־תִּירָא מִפְּנֵי
הַדְּבָרִים אֲשֶׁר שָׁמַעְתָּ אֲשֶׁר גִּדְּפוּ נַעֲרֵי מֶלֶךְ־אַשּׁוּר אוֹתִי׃
הִנְנִי נוֹתֵן בּוֹ רוּחַ וְשָׁמַע שְׁמוּעָה וְשָׁב אֶל־אַרְצוֹ וְהִפַּלְתִּיו ז
בַּחֶרֶב בְּאַרְצוֹ׃ וַיָּשָׁב רַבְשָׁקֵה וַיִּמְצָא אֶת־מֶלֶךְ אַשּׁוּר ח
נִלְחָם עַל־לִבְנָה כִּי שָׁמַע כִּי נָסַע מִלָּכִישׁ׃ וַיִּשְׁמַע עַל־ ט
תִּרְהָקָה מֶלֶךְ־כּוּשׁ לֵאמֹר יָצָא לְהִלָּחֵם אִתָּךְ וַיִּשְׁמַע וַיִּשְׁלַח
מַלְאָכִים אֶל־חִזְקִיָּהוּ לֵאמֹר׃ כֹּה תֹאמְרוּן אֶל־חִזְקִיָּהוּ י
מֶלֶךְ־יְהוּדָה לֵאמֹר אַל־יַשִּׁאֲךָ אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר אַתָּה בּוֹטֵחַ
בּוֹ לֵאמֹר לֹא תִנָּתֵן יְרוּשָׁלִַם בְּיַד מֶלֶךְ אַשּׁוּר׃ הִנֵּה ׀ יא
אַתָּה שָׁמַעְתָּ אֲשֶׁר עָשׂוּ מַלְכֵי אַשּׁוּר לְכָל־הָאֲרָצוֹת
לְהַחֲרִימָם וְאַתָּה תִּנָּצֵל׃ הַהִצִּילוּ אוֹתָם אֱלֹהֵי הַגּוֹיִם יב
אֲשֶׁר הִשְׁחִיתוּ אֲבוֹתַי אֶת־גּוֹזָן וְאֶת־חָרָן וְרֶצֶף וּבְנֵי־עֶדֶן
אֲשֶׁר בִּתְלַשָּׂר׃ אַיֵּה מֶלֶךְ־חֲמָת וּמֶלֶךְ אַרְפָּד וּמֶלֶךְ לָעִיר יג
סְפַרְוָיִם הֵנַע וְעִוָּה׃ וַיִּקַּח חִזְקִיָּהוּ אֶת־הַסְּפָרִים מִיַּד יד
הַמַּלְאָכִים וַיִּקְרָאֵהוּ וַיַּעַל בֵּית יְהוָה וַיִּפְרְשֵׂהוּ חִזְקִיָּהוּ
לִפְנֵי יְהוָה׃ וַיִּתְפַּלֵּל חִזְקִיָּהוּ אֶל־יְהוָה לֵאמֹר׃ יְהוָה טו טז
צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל יֹשֵׁב הַכְּרֻבִים אַתָּה־הוּא הָאֱלֹהִים
לְבַדְּךָ לְכֹל מַמְלְכוֹת הָאָרֶץ אַתָּה עָשִׂיתָ אֶת־הַשָּׁמַיִם
וְאֶת־הָאָרֶץ׃ הַטֵּה יְהוָה ׀ אָזְנְךָ וּשְׁמָע פְּקַח יְהוָה עֵינְךָ יז

ט׳ לסדנחאי אֶל   יז׳ קמץ בז״ק

און שֶׁבנאָ דעם שרייבער, און די עלטסטע פון די כּהנים, צוגעדעקטע מיט זאַקקליידער, צו ישַעיָהו הנביא דעם זון פון אָמוֹצן. [3] און זיי האָבן צו אים געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט חִזקִיָהו: אַ טאָג פון נויט און שטראָף און שמאַך איז דער הײַנטיקער טאָג; וואָרום די קינדער זײַנען געקומען צום מוטערמויל, און ניטאָ קיין כּוח צו געבערן. [4] אפשר וועט יהוה דײַן גאָט הערן די ווערטער פון רַבשָקֵהן, וואָס זײַן האַר דער מלך פון אַשור האָט אים געשיקט צו לעסטערן דעם לעבעדיקן גאָט, און ער וועט שטראָפן פאַר די רייד וואָס יהוה דײַן גאָט האָט געהערט; דרום זאָלסטו אויפהייבן אַ תּפילה פאַר דעם איבערבלײַב וואָס געפינט זיך דאָ.

[5] און ווי די קנעכט פון חִזקִיָהון זײַנען געקומען צו ישַעיָהון, [6] האָט ישַעיָהו צו זיי געזאָגט: אַזוי זאָלט איר זאָגן צו אײַער האַר: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר די ווערטער וואָס דו האָסט געהערט, מיט וואָס די יונגען פון דעם מלך פון אַשור האָבן מיך געשענדט. [7] זע, איך גיב אַרײַן אין אים אַ גײַסט, און ער וועט הערן אַ הערונג, און וועט זיך אומקערן צו זײַן לאַנד; און איך וועל אים מאַכן פאַלן דורכן שווערד אין זײַן לאַנד.

[8] און רַבשָקֵה האָט זיך אומגעקערט, און האָט געפונען דעם מלך פון אַשור מלחמה האַלטנדיק אויף לִבנָה; וואָרום ער האָט געהאַט געהערט אַז ער האָט אַוועקגעצויגן פון לָכיש.

[9] און [סַנחֵריב] האָט געהערט אויף תִּרהָקָה דעם מלך פון כּוש, אַזוי צו זאָגן: ער איז אַרויסגעגאַנגען מלחמה צו האַלטן מיט דיר. און ווי ער האָט דאָס געהערט, האָט ער געשיקט שלוחים צו חִזקִיָהון, אַזוי צו זאָגן: [10] אַזוי זאָלט איר זאָגן צו חִזקִיָהו דעם מלך פון יהודה, אַזוי צו זאָגן: זאָל דיר ניט נאַרן דײַן גאָט וואָס דו פאַרזיכערסט זיך אויף אים, אַזוי צו זאָגן: ירושָלַיִם וועט ניט איבערגעגעבן ווערן אין דער האַנט פון דעם מלך פון אַשור. [11] אָט האָסטו געהערט וואָס די מלכים פון אַשור האָבן געטאָן צו אַלע לענדער, זיי צו פאַרוויסטן, און דו ווילסט ניצול ווערן? [12] האָבן די געטער פון די פעלקער מציל געווען די וואָס מײַנע עלטערן האָבן צעשטערט, גוֹזָן, און חָרָן, און רֶצֶף, און די קינדער פון עֶדֶן וואָס אין תְּלַשָּׂר? [13] ווו איז דער מלך פון חֲמָת, און דער מלך פון אַרפַּד, און דער מלך פון דער שטאָט סְפַרוַיִם, פון הֵנַע, און עִוָה?

[14] האָט חִזקִיָהו צוגענומען דעם בריוו פון דער האַנט פון די שלוחים, און האָט אים איבערגעלייענט, און ער איז אַרויפגעגאַנגען אין הויז פון גאָט. און חִזקִיָהו האָט אים אויסגעשפרייט פאַר גאָט. [15] און חִזקִיָהו האָט מתפּלל געווען צו גאָט, אַזוי צו זאָגן: [16] יהוה פון צבָאוֹת, גאָט פון ישׂראל וואָס ויצסט איבער די כּרובים; דו אַליין ביסט דער גאָט איבער אַלע קיניגרײַכן פון דער ערד; דו האָסט געמאַכט די הימלען און די ערד. [17] נייג, יהוה, דײַן אויער, און הער; עפן, יהוה, דײַנע אויגן,

וּרְאֵה וּשְׁמַע אֵת כָּל־דִּבְרֵי סַנְחֵרִיב אֲשֶׁר שָׁלַח לְחָרֵף
יח אֱלֹהִים חָי׃ אָמְנָם יְהוָה הֶחֱרִיבוּ מַלְכֵי אַשּׁוּר אֶת־כָּל־
יט הָאֲרָצוֹת וְאֶת־אַרְצָם׃ וְנָתֹן אֶת־אֱלֹהֵיהֶם בָּאֵשׁ כִּי לֹא
אֱלֹהִים הֵמָּה כִּי אִם־מַעֲשֵׂה יְדֵי־אָדָם עֵץ וָאֶבֶן וַיְאַבְּדוּם׃
כ וְעַתָּה יְהוָה אֱלֹהֵינוּ הוֹשִׁיעֵנוּ מִיָּדוֹ וְיֵדְעוּ כָּל־מַמְלְכוֹת
כא הָאָרֶץ כִּי־אַתָּה יְהוָה לְבַדֶּךָ׃ וַיִּשְׁלַח יְשַׁעְיָהוּ בֶן־אָמוֹץ
אֶל־חִזְקִיָּהוּ לֵאמֹר כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר
כב הִתְפַּלַּלְתָּ אֵלַי אֶל־סַנְחֵרִיב מֶלֶךְ אַשּׁוּר׃ זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר־
דִּבֶּר יְהוָה עָלָיו בָּזָה לְךָ לָעֲגָה לְךָ בְּתוּלַת בַּת־צִיּוֹן
כג אַחֲרֶיךָ רֹאשׁ הֵנִיעָה בַּת יְרוּשָׁלִָם׃ אֶת־מִי חֵרַפְתָּ וְגִדַּפְתָּ
וְעַל־מִי הֲרִימוֹתָה קּוֹל וַתִּשָּׂא מָרוֹם עֵינֶיךָ אֶל־קְדוֹשׁ
כד יִשְׂרָאֵל׃ בְּיַד עֲבָדֶיךָ חֵרַפְתָּ ׀ אֲדֹנָי וַתֹּאמֶר בְּרֹב רִכְבִּי
אֲנִי עָלִיתִי מְרוֹם הָרִים יַרְכְּתֵי לְבָנוֹן וְאֶכְרֹת קוֹמַת אֲרָזָיו
כה מִבְחַר בְּרֹשָׁיו וְאָבוֹא מְרוֹם קִצּוֹ יַעַר כַּרְמִלּוֹ׃ אֲנִי
קַרְתִּי וְשָׁתִיתִי מָיִם וְאַחְרִב בְּכַף־פְּעָמַי כֹּל יְאֹרֵי מָצוֹר׃
כו הֲלוֹא־שָׁמַעְתָּ לְמֵרָחוֹק אוֹתָהּ עָשִׂיתִי מִימֵי קֶדֶם וִיצַרְתִּיהָ
עַתָּה הֲבֵאתִיהָ וּתְהִי לְהַשְׁאוֹת גַּלִּים נִצִּים עָרִים בְּצֻרוֹת׃
כז וְיֹשְׁבֵיהֶן קִצְרֵי־יָד חַתּוּ וָבֹשׁוּ הָיוּ עֵשֶׂב שָׂדֶה וִירַק דֶּשֶׁא
כח חֲצִיר גַּגּוֹת וּשְׁדֵמָה לִפְנֵי קָמָה׃ וְשִׁבְתְּךָ וְצֵאתְךָ וּבוֹאֲךָ
כט יָדָעְתִּי וְאֵת הִתְרַגֶּזְךָ אֵלָי׃ יַעַן הִתְרַגֶּזְךָ אֵלַי וְשַׁאֲנַנְךָ
עָלָה בְאָזְנָי וְשַׂמְתִּי חַחִי בְּאַפֶּךָ וּמִתְגִּי בִּשְׂפָתֶיךָ וַהֲשִׁיבֹתִיךָ
ל בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר־בָּאתָ בָּהּ׃ וְזֶה־לְּךָ הָאוֹת אָכוֹל הַשָּׁנָה סָפִיחַ
וּבַשָּׁנָה הַשֵּׁנִית שָׁחִיס וּבַשָּׁנָה הַשְּׁלִישִׁית זִרְעוּ וְקִצְרוּ
לא וְנִטְעוּ כְרָמִים וְאִכְלוּ פִרְיָם׃ וְיָסְפָה פְּלֵיטַת בֵּית־יְהוּדָה
לב הַנִּשְׁאָרָה שֹׁרֶשׁ לְמָטָּה וְעָשָׂה פְרִי לְמָעְלָה׃ כִּי מִירוּשָׁלִַם
תֵּצֵא שְׁאֵרִית וּפְלֵיטָה מֵהַר צִיּוֹן קִנְאַת יְהוָה צְבָאוֹת
לג תַּעֲשֶׂה־זֹּאת׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה אֶל־מֶלֶךְ אַשּׁוּר

ל׳ ואכלו קרי   לא׳ נ״א נחי   לב׳ לפי מסורת אכלה ואכלה קרי ולא כתיב

אין זע; און הער די אַלע ווערטער פון סַנחֵריבן, וואָס האָט געשיקט צו לעסטערן דעם לעבעדיקן גאָט. 18 אמת, יהוה, די מלכים פון אשור האָבן חָרֵב געמאַכט די אַלע מדינות מיט זייער לאַנד, 19 און זיי האָבן איבערגעגעבן זייערע געטער צום פייער; וואָרום זיי זיינען קיין געטער ניט געווען, נאָר בלויז דאָס ווערק פון אַ מענטשנס הענט, האָלץ און שטיין; דרום האָבן זיי זיי אונטערגעבראַכט. 20 און אַצונד, יהוה אונדזער גאָט, העלף אונדז פון זיין האַנט, און זאָלן אַלע קיניגרייכן פון דער ערד וויסן אַז דו אַליין ביסט יהוה.

21 האָט ישַעיָהו דער זון פון אָמוֹצן געשיקט צו חִזקִיָהון, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל: וואָס דו האָסט מתפלל געווען צו מיר וועגן סַנחֵריב דעם מלך פון אשור — 22 איז דאָס דאָס וואָרט וואָס גאָט האָט וועגן אים גערעדט:

עס פאַראַכט דיך, עס שפּאָט פון דיר
די יונגפרוי טאָכטער צִיוֹן;
עס שאָקלט דעם קאָפּ הינטער דיר
די טאָכטער ירושָלַיִם.
23 וועמען האָסטו געלעסטערט און געשענדט?
און אויף וועמען האָסטו דיין קָול אויפגעהויבן?
יאָ, האָסט געהויבן דיינע אויגן אין דער הייך,
אַקעגן דעם הייליקן פון ישראל.
24 דורך דיינע קנעכט האָסטו געלעסטערט גאָט,
און געזאָגט: מיט מיינע פיל רייטוועגן
בין איך צו דער הייך פון די בערג אַרויף,
צו די ווינקלען פון לבנון;
און איך האַק אָפּ זיינע הויכע צעדערן,
זיינע געקליבענע ציפּרעסבוימער;
און איך קום צו זיין עקסטן שפּיץ,
צום וואַלד פון זיין פּרוכטגאָרטן.
25 איך האָב געגראָבן און געטרונקען וואַסער,
און טריקן אויס מיט מיינע פוססטריט
אַלע טייכן פון מִצרַיִם.

26 האָסטו דען ניט געהערט?
פון לאַנג אָן האָב איך עס צוגעגרייט,
פון אַלטע טעג האָב איך עס געפורעמט;
אַצונד האָב איך עס געבראַכט עס זאָל געשען,
צו פאַרוויסטן אויף חורבה־הויפנס
באַפעסטיקטע שטעט.
27 דרום זיינען זייערע באַוווינער קורצמאַכטיק,
זיי זיינען צעבראָכן און פאַרשעמט;
זיי זיינען געוואָרן גראָז פון פעלד,
און קרייטעכץ גרינע,
מאָך פון די דעכער,
און אַ פעלד איידער אויפגעוואַקסן.

28 אָבער איך ווייס דיין זיצן
און דיין גיין און דיין קומען,
און דיין שטורעמען קעגן מיר.

29 ווייל דיין שטורעמען קעגן מיר
און דיין ליאַרעם איז אַרויף אין מיינע אויערן,
דרום וועל איך אַריינטאָן מיין רינג אין דיין נאָז,
און מיין צאַם אין דיינע ליפּן,
און איך וועל דיך אומקערן אויף דעם וועג
וואָס דו ביסט געקומען אויף אים.

30 און דאָס וועט דיר זיין דער צייכן:
איר וועט עסן הײַיאָר נאָכוווקס,
און אויפן צווייטן יאָר ווידערוווקס;
און אויפן דריטן יאָר זייט און שנײַדט,
און פלאַנצט וויינגערטנער, און עסט זייער פּרוכט.
31 און דער אַנטרונענער איבערבלייב פון דעם הויז פון יהודה
וועט ווידער וואָרצלען אונטן, און טראָגן פּרוכט אויבן.
32 וואָרום פון ירושָלַיִם וועט אַרויסקומען אַן איבערבלייב,
און אַן אַנטרינונג פון באַרג צִיוֹן;
דאָס אָנגעמען זיך פון גאָט פון צבָאוֹת וועט דאָס טאָן.
33 פאַרוואָר, אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויף דעם מלך פון אַשור:

לֹא יָבוֹא אֶל־הָעִיר הַזֹּאת וְלֹא־יוֹרֶה שָׁם חֵץ וְלֹא־יְקַדְּמֶנָּה
מָגֵן וְלֹא־יִשְׁפֹּךְ עָלֶיהָ סֹלְלָה׃ בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר־בָּא בָּהּ יָשׁוּב לד
וְאֶל־הָעִיר הַזֹּאת לֹא יָבוֹא נְאֻם־יְהוָה׃ וְגַנּוֹתִי עַל־הָעִיר לה
הַזֹּאת לְהוֹשִׁיעָהּ לְמַעֲנִי וּלְמַעַן דָּוִד עַבְדִּי׃ וַיֵּצֵא ׀ מַלְאַךְ לו
יְהוָה וַיַּכֶּה בְּמַחֲנֵה אַשּׁוּר מֵאָה וּשְׁמֹנִים וַחֲמִשָּׁה אָלֶף
וַיַּשְׁכִּימוּ בַבֹּקֶר וְהִנֵּה כֻלָּם פְּגָרִים מֵתִים׃ וַיִּסַּע וַיֵּלֶךְ לז
וַיָּשָׁב סַנְחֵרִיב מֶלֶךְ־אַשּׁוּר וַיֵּשֶׁב בְּנִינְוֵה׃ וַיְהִי הוּא לח
מִשְׁתַּחֲוֶה בֵּית ׀ נִסְרֹךְ אֱלֹהָיו וְאַדְרַמֶּלֶךְ וְשַׂרְאֶצֶר בָּנָיו
הִכֻּהוּ בַחֶרֶב וְהֵמָּה נִמְלְטוּ אֶרֶץ אֲרָרָט וַיִּמְלֹךְ אֵסַר־חַדֹּן
בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃

## לח

בַּיָּמִים הָהֵם חָלָה חִזְקִיָּהוּ לָמוּת וַיָּבוֹא אֵלָיו יְשַׁעְיָהוּ א
בֶן־אָמוֹץ הַנָּבִיא וַיֹּאמֶר אֵלָיו כֹּה־אָמַר יְהוָה צַו לְבֵיתֶךָ
כִּי מֵת אַתָּה וְלֹא תִחְיֶה׃ וַיַּסֵּב חִזְקִיָּהוּ פָּנָיו אֶל־הַקִּיר ב
וַיִּתְפַּלֵּל אֶל־יְהוָה׃ וַיֹּאמַר אָנָּה יְהוָה זְכָר־נָא אֵת אֲשֶׁר ג
הִתְהַלַּכְתִּי לְפָנֶיךָ בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם וְהַטּוֹב בְּעֵינֶיךָ עָשִׂיתִי
וַיֵּבְךְּ חִזְקִיָּהוּ בְּכִי גָדוֹל׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה אֶל־יְשַׁעְיָהוּ ד
לֵאמֹר׃ הָלוֹךְ וְאָמַרְתָּ אֶל־חִזְקִיָּהוּ כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי ה
דָּוִד אָבִיךָ שָׁמַעְתִּי אֶת־תְּפִלָּתֶךָ רָאִיתִי אֶת־דִּמְעָתֶךָ הִנְנִי
יוֹסִף עַל־יָמֶיךָ חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה׃ וּמִכַּף מֶלֶךְ־אַשּׁוּר ו
אַצִּילְךָ וְאֵת הָעִיר הַזֹּאת וְגַנּוֹתִי עַל־הָעִיר הַזֹּאת׃ וְזֶה־ ז
לְּךָ הָאוֹת מֵאֵת יְהוָה אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה יְהוָה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה
אֲשֶׁר דִּבֵּר׃ הִנְנִי מֵשִׁיב אֶת־צֵל הַמַּעֲלוֹת אֲשֶׁר יָרְדָה ח
בְמַעֲלוֹת אָחָז בַּשֶּׁמֶשׁ אֲחֹרַנִּית עֶשֶׂר מַעֲלוֹת וַתָּשָׁב הַשֶּׁמֶשׁ
עֶשֶׂר מַעֲלוֹת בַּמַּעֲלוֹת אֲשֶׁר יָרָדָה׃ מִכְתָּב לְחִזְקִיָּהוּ ט
מֶלֶךְ־יְהוּדָה בַּחֲלֹתוֹ וַיְחִי מֵחָלְיוֹ׃ אֲנִי אָמַרְתִּי בִּדְמִי יָמַי י
אֵלֵכָה בְּשַׁעֲרֵי שְׁאוֹל פֻּקַּדְתִּי יֶתֶר שְׁנוֹתָי׃ אָמַרְתִּי לֹא־ יא
אֶרְאֶה יָהּ יָהּ בְּאֶרֶץ הַחַיִּים לֹא־אַבִּיט אָדָם עוֹד עִם־יוֹשְׁבֵי

לח, י׳ צירי בטרחא

ער וועט ניט אַריינקומען אין דערדאָזיקער שטאָט,
און ניט אַריינשיסן אַהין אַ פייל,
און ניט קומען פאַר איר מיט אַ שילד,
און ניט אָנשיטן אַרום איר אַן ערדוואַל.
34 אויף דעם וועג וואָס ער איז געקומען,
אויף אים וועט ער זיך אומקערן,
און אין דערדאָזיקער שטאָט
וועט ער ניט אַריינקומען, זאָגט גאָט.
35 און איך וועל באַשירעמען דידאָזיקע שטאָט, זי צו העלפן,
פון מיינעטוועגן און פון מיין קנעכט דודס וועגן.

36 און אַ מלאך פון גאָט איז אַרויסגעגאַנגען, און האָט געשלאָגן אין דעם לאַגער פון אַשור הונדערט און פינף און אַכציק טויזנט; און אַז מע איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, ערשט זיי זיינען אַלע טויטע פגרים.

37 און סַנחֵריב דער מלך פון אַשור האָט אַוועקגעצויגן, און איז געגאַנגען און האָט זיך אומגעקערט; און ער איז געבליבן אין נִינוֵה.

38 און עס איז געווען, ווי ער בוקט זיך אין הויז פון זיין גאָט נִסרוֹך, אַזוי האָבן זיינע זין אַדרַמֶלֶך און שַׂראֶצֶר אים דערשלאָגן מיטן שווערד; און זיי זיינען אַנטרונען געוואָרן אין לאַנד אַרָרַט. און זיין זון אֵסַר־חַדון איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

## לח

1 אין יענער צייט איז חִזקִיָהו קראַנק געוואָרן צו שטאַרבן; איז צו אים געקומען ישַעיָהו הנביא דער זון פון אָמוֹצן, און האָט צו אים געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: מאַך דיין צַוָואֶה וועגן דיין הויזגעזינט, וואָרום דו שטאַרבסט, און וועסט ניט גענעזן ווערן.

2 האָט חִזקִיָהו אומגעדרייט זיין פנים צו דער וואַנט, און האָט מתפלל געווען צו גאָט, 3 און האָט געזאָגט: איך בעט דיך, גאָט, געדענק ווי איך בין געגאַנגען פאַר דיר מיט אמת און מיט אַ גאַנצן האַרצן, און וואָס איז גוט אין דיינע אויגן האָב איך געטאָן.

און חִזקִיָהו האָט געוויינט אַ גרויס געוויין.

4 איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו ישַעיָהון, אַזוי צו זאָגן: 5 גיי און זאָלסט זאָגן צו חִזקִיָהון: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון דיין פאָטער דודן: איך האָב געהערט דיין תפילה, איך האָב געזען דיין טרער; זע, איך לייג־צו צו דיינע טעג פופצן יאָר. 6 און פון דער האַנט פון דעם מלך פון אַשור וועל איך דיך און דידאָזיקע שטאָט מציל זיין, און איך וועל באַשירעמען דידאָזיקע שטאָט. 7 און דאָס וועט דיר זיין אַ צייכן פון גאָט, אַז גאָט וועט טאָן דידאָזיקע זאַך וואָס ער האָט גערעדט: 8 זע, איך קער אום דעם שאָטן פון די שטאַפּלען וואָס האָט אַראָפּגענידערט אויף די זונשטאַפּלען פון אָחָזן, צוריק צען שטאַפּלען. און די זון האָט זיך אומגעקערט צען שטאַפּלען, אויף די שטאַפּלען וואָס זי האָט אַראָפּגענידערט.

9 אַ געשריפטס פון חִזקִיָהו דעם מלך פון יהודה, ווען ער איז קראַנק געווען, און איז גענעזן געוואָרן פון זיין קראַנקשאַפט.

10 איך האָב געוועסט געזאָגט:
אין מיטן פון מיינע טעג וועל איך אַוועקגיין
אין די טויערן פון אונטערערד;
איך ווער געמינערט דעם רעשט פון מיינע יאָרן.
11 איך האָב געזאָגט: איך וועל ניט זען גאָט,
גאָט אין לאַנד פון די לעבעדיקע;
איך וועל מער אַ מענטשן ניט אָנקוקן
מיט די באַוווינער פון דער וועלט.

יב חָֽדֶל׃ דּוֹרִי נִסַּע וְנִגְלָה מִנִּי כְּאֹהֶל רֹעִי קִפַּדְתִּי כָֽאֹרֵג
יג חַיַּי מִדַּלָּה יְבַצְּעֵנִי מִיּוֹם עַד־לַיְלָה תַּשְׁלִימֵֽנִי׃ שִׁוִּיתִי עַד־
בֹּקֶר כָּאֲרִי כֵּן יְשַׁבֵּר כָּל־עַצְמוֹתָי מִיּוֹם עַד־לַיְלָה
יד תַּשְׁלִימֵֽנִי׃ כְּסוּס עָגוּר כֵּן אֲצַפְצֵף אֶהְגֶּה כַּיּוֹנָה דַּלּוּ עֵינַי
טו לַמָּרוֹם אֲדֹנָי עָֽשְׁקָה־לִּי עָרְבֵֽנִי׃ מָֽה־אֲדַבֵּר וְאָֽמַר־לִי
טז וְהוּא עָשָׂה אֶדַּדֶּה כָל־שְׁנוֹתַי עַל־מַר נַפְשִֽׁי׃ אֲדֹנָי עֲלֵיהֶם
יז יִחְיוּ וּלְכָל־בָּהֶן חַיֵּי רוּחִי וְתַחֲלִימֵנִי וְהַחֲיֵֽנִי׃ הִנֵּה לְשָׁלוֹם
מַר־לִי מָר וְאַתָּה חָשַׁקְתָּ נַפְשִׁי מִשַּׁחַת בְּלִי כִּי הִשְׁלַכְתָּ
יח אַחֲרֵי גֵוְךָ כָּל־חֲטָאָֽי׃ כִּי לֹא שְׁאוֹל תּוֹדֶךָּ מָוֶת יְהַלְלֶךָּ
יט לֹֽא־יְשַׂבְּרוּ יוֹרְדֵי־בוֹר אֶל־אֲמִתֶּֽךָ׃ חַי חַי הוּא יוֹדֶךָ כָּמוֹנִי
כ הַיּוֹם אָב לְבָנִים יוֹדִיעַ אֶל־אֲמִתֶּֽךָ׃ יְהוָה לְהוֹשִׁיעֵנִי וּנְגִנוֹתַי
כא נְנַגֵּן כָּל־יְמֵי חַיֵּינוּ עַל־בֵּית יְהוָֽה׃ וַיֹּאמֶר יְשַׁעְיָהוּ יִשְׂאוּ
כב דְּבֶלֶת תְּאֵנִים וְיִמְרְחוּ עַל־הַשְּׁחִין וְיֶֽחִי׃ וַיֹּאמֶר חִזְקִיָּהוּ
מָה אוֹת כִּי אֶעֱלֶה בֵּית יְהוָֽה׃

לט

א בָּעֵת הַהִוא שָׁלַח מְרֹאדַךְ בַּלְאֲדָן בֶּן־בַּלְאֲדָן מֶֽלֶךְ־בָּבֶל
סְפָרִים וּמִנְחָה אֶל־חִזְקִיָּהוּ וַיִּשְׁמַע כִּי חָלָה וַֽיֶּחֱזָֽק׃
ב וַיִּשְׂמַח עֲלֵיהֶם חִזְקִיָּהוּ וַיַּרְאֵם אֶת־בֵּית נְכֹתֹה אֶת־הַכֶּסֶף
וְאֶת־הַזָּהָב וְאֶת־הַבְּשָׂמִים וְאֵת ׀ הַשֶּׁמֶן הַטּוֹב וְאֵת כָּל־
בֵּית כֵּלָיו וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר נִמְצָא בְּאוֹצְרֹתָיו לֹֽא־הָיָה דָבָר
ג אֲשֶׁר לֹֽא־הֶרְאָם חִזְקִיָּהוּ בְּבֵיתוֹ וּבְכָל־מֶמְשַׁלְתּֽוֹ׃ וַיָּבֹא
יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא אֶל־הַמֶּלֶךְ חִזְקִיָּהוּ וַיֹּאמֶר אֵלָיו מָה אָמְרוּ ׀
הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה וּמֵאַיִן יָבֹאוּ אֵלֶיךָ וַיֹּאמֶר חִזְקִיָּהוּ מֵאֶרֶץ
ד רְחוֹקָה בָּאוּ אֵלַי מִבָּבֶֽל׃ וַיֹּאמֶר מָה רָאוּ בְּבֵיתֶךָ וַיֹּאמֶר
חִזְקִיָּהוּ אֵת כָּל־אֲשֶׁר בְּבֵיתִי רָאוּ לֹֽא־הָיָה דָבָר אֲשֶׁר
ה לֹֽא־הִרְאִיתִים בְּאוֹצְרֹתָֽי׃ וַיֹּאמֶר יְשַׁעְיָהוּ אֶל־חִזְקִיָּהוּ שְׁמַע
ו דְּבַר־יְהוָה צְבָאֽוֹת׃ הִנֵּה יָמִים בָּאִים וְנִשָּׂא ׀ כָּל־אֲשֶׁר

לח, יג׳ רב בקמץ    לט, א׳ ס״א מרדך

[12] מיין ווינונג איז אַוועקגערוקט און אָפּגעטאָן פֿון מיר,
אַזוי ווי אַ פּאַסטוכגעצעלט;
איך האָב אויפֿגעוויקלט ווי אַ וועבער מיין לעבן;
פֿון דער צוויט וועט ער מיך אָפּרייסן;
פֿון טאָג ביז נאַכט וועסטו מיך ענדיקן.
[13] איך האָב געטראַכט: ביז פֿרימאָרגן,
ווי אַ לייב, אַזוי וועט ער אַלע מיינע ביינער צעברעכן;
פֿון טאָג ביז נאַכט וועסטו מיך ענדיקן.
[14] ווי אַ שוואַלב, ווי אַ בושל, אַזוי האָב איך געפּיפּסט,
איך האָב געברומט ווי אַ טויב;
מיינע אויגן זיינען אויסגעגאַנגען צו דער הייך:
גאָט, געדריקט בין איך, שטעל זיך אַיין פֿאַר מיר.

[15] וואָס זאָל איך רעדן?
אַז ער האָט מיר געזאָגט, און ער האָט געטאָן;
זאַכט וועל איך גיין אַלע מיינע יאָרן,
איבער דער ביטערניש פֿון מיין זעל.
[16] גאָט, דערויף לעבט מען,
און אין גאַנצן דערין איז דאָס לעבן פֿון מיין גייסט;
דרום שטאַרק מיך, און לאָז מיך לעבן.
[17] זע, צום גוטן איז מיר פֿאַרביטן געוואָרן די ביטערניש[א],
און דו האָסט געגלוסט מיין זעל
פֿון דער גרוב פֿון אונטערגאַנג;
וואָרום האָסט אַוועקגעוואָרפֿן הינטער דיין רוקן
אַלע מיינע זינד.
[18] וואָרום ניט די אונטערערד טוט דיך לויבן,
ניט דער טויט טוט דיך רימען;
עס האָפֿן ניט אויף דיין אמת
די וואָס נידערן אין גרוב.
[19] דער לעבעדיקער, דער לעבעדיקער,
ער טוט דיך לויבן, אַזוי ווי איך היינט;
אַ פֿאָטער מאַכט וויסן די קינדער דיין אמת.
[20] גאָט איז דאָ מיך צו העלפֿן;
און מיינע געזאַנגען וועלן מיר זינגען,
אַלע טעג פֿון אונדזער לעבן אין הויז פֿון גאָט.

[21] און ישַעיָהו האָט געזאָגט: זאָל מען נעמען געפּרעסטע פֿייגן, און אָנרייבן אויף דעם אויסשלאָג, און ער וועט געזונט ווערן. [22] האָט חִזקִיָהו געזאָגט: וואָס איז דער צייכן אַז איך וועל אַרויפֿגיין אין הויז פֿון גאָט[ב]?

לט [1] אין יענער צייט האָט מְראֹדַך־בַּלְאַדָן דער זון פֿון בַּלְאַדָנען, דער מלך פֿון בָּבֶל, געשיקט אַ בריוו און אַ מתּנה צו חִזקִיָהון; וואָרום ער האָט געהערט אַז ער איז געווען קראַנק, און איז געוונט געוואָרן. [2] האָט חִזקִיָהו זיך דערפֿרייט מיט זיי, און ער האָט זיי געוויזן זיין שאַצהויז, דאָס זילבער, און דאָס גאָלד, און די בשׂמים, און דאָס גוטע אייל, און דאָס גאַנצע הויז פֿון זיינע וואָפֿן, און אַלץ וואָס האָט זיך געפֿונען אין זיינע שאַצקאַמערן; ניט געווען אַ זאַך אין זיין הויז, און אין זיין גאַנצער געוועלטיקייט, וואָס חִזקִיָהו האָט זיי ניט געוויזן. [3] איז ישַעיָהו הנביא געקומען צום מלך חִזקִיָהון, און האָט צו אים געזאָגט: וואָס האָבן דידאָזיקע מענער געזאָגט? און פֿון וואַנען קומען זיי צו דיר? האָט חִזקִיָהו געזאָגט: פֿון אַ וויטן לאַנד זיינען זיי צו מיר געקומען, פֿון בָּבֶל. [4] האָט ער געזאָגט: וואָס האָבן זיי געזען אין דיין הויז? האָט חִזקִיָהו געזאָגט: אַלץ וואָס אין מיין הויז האָבן זיי געזען; ניט געווען אַ זאַך אין מיינע שאַצקאַמערן וואָס איך האָב זיי ניט געוויזן. [5] האָט ישַעיָהו געזאָגט צו חִזקִיָהון: הער דאָס וואָרט פֿון גאָט פֿון צבָאות: [6] זע, טעג קומען, און אַלץ וואָס אין דיין הויז, און וואָס

א וואָרטשפּיל: מַר־לִי מָר.    ב פֿאַרבינדט זיך מיט פּסוק 7. פֿאַרגלייך מלכים ב׳, כ, 9-7.

בְּבֵיתֶךָ וַאֲשֶׁר אָצְרוּ אֲבֹתֶיךָ עַד־הַיּוֹם הַזֶּה בָּבֶל לֹא־יִוָּתֵר
דָּבָר אָמַר יְהוָה׃ וּמִבָּנֶיךָ אֲשֶׁר יֵצְאוּ מִמְּךָ אֲשֶׁר תּוֹלִיד ז
יִקָּחוּ וְהָיוּ סָרִיסִים בְּהֵיכַל מֶלֶךְ בָּבֶל׃ וַיֹּאמֶר חִזְקִיָּהוּ ח
אֶל־יְשַׁעְיָהוּ טוֹב דְּבַר־יְהוָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ וַיֹּאמֶר כִּי יִהְיֶה
שָׁלוֹם וֶאֱמֶת בְּיָמָי׃

מ

נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹהֵיכֶם׃ דַּבְּרוּ עַל־לֵב יְרוּשָׁלַםִ א ב
וְקִרְאוּ אֵלֶיהָ כִּי מָלְאָה צְבָאָהּ כִּי נִרְצָה עֲוֺנָהּ כִּי לָקְחָה
מִיַּד יְהוָה כִּפְלַיִם בְּכָל־חַטֹּאתֶיהָ׃ קוֹל קוֹרֵא בַּמִּדְבָּר ג
פַּנּוּ דֶּרֶךְ יְהוָה יַשְּׁרוּ בָּעֲרָבָה מְסִלָּה לֵאלֹהֵינוּ׃ כָּל־גֶּיא ד
יִנָּשֵׂא וְכָל־הַר וְגִבְעָה יִשְׁפָּלוּ וְהָיָה הֶעָקֹב לְמִישׁוֹר
וְהָרְכָסִים לְבִקְעָה׃ וְנִגְלָה כְּבוֹד יְהוָה וְרָאוּ כָל־בָּשָׂר ה
יַחְדָּו כִּי פִּי יְהוָה דִּבֵּר׃ קוֹל אֹמֵר קְרָא וְאָמַר מָה ו
אֶקְרָא כָּל־הַבָּשָׂר חָצִיר וְכָל־חַסְדּוֹ כְּצִיץ הַשָּׂדֶה׃ יָבֵשׁ ז
חָצִיר נָבֵל צִיץ כִּי רוּחַ יְהוָה נָשְׁבָה בּוֹ אָכֵן חָצִיר הָעָם׃
יָבֵשׁ חָצִיר נָבֵל צִיץ וּדְבַר אֱלֹהֵינוּ יָקוּם לְעוֹלָם׃ ח
עַל הַר־גָּבֹהַּ עֲלִי־לָךְ מְבַשֶּׂרֶת צִיּוֹן הָרִימִי בַכֹּחַ קוֹלֵךְ ט
מְבַשֶּׂרֶת יְרוּשָׁלָםִ הָרִימִי אַל־תִּירָאִי אִמְרִי לְעָרֵי יְהוּדָה
הִנֵּה אֱלֹהֵיכֶם׃ הִנֵּה אֲדֹנָי יֱהוִה בְּחָזָק יָבוֹא וּזְרֹעוֹ מֹשְׁלָה י
לוֹ הִנֵּה שְׂכָרוֹ אִתּוֹ וּפְעֻלָּתוֹ לְפָנָיו׃ כְּרֹעֶה עֶדְרוֹ יִרְעֶה יא
בִּזְרֹעוֹ יְקַבֵּץ טְלָאִים וּבְחֵיקוֹ יִשָּׂא עָלוֹת יְנַהֵל׃ מִי־ יב
מָדַד בְּשָׁעֳלוֹ מַיִם וְשָׁמַיִם בַּזֶּרֶת תִּכֵּן וְכָל בַּשָּׁלִשׁ עֲפַר
הָאָרֶץ וְשָׁקַל בַּפֶּלֶס הָרִים וּגְבָעוֹת בְּמֹאזְנָיִם׃ מִי תִכֵּן יג
אֶת־רוּחַ יְהוָה וְאִישׁ עֲצָתוֹ יוֹדִיעֶנּוּ׃ אֶת־מִי נוֹעָץ וַיְבִינֵהוּ יד
וַיְלַמְּדֵהוּ בְּאֹרַח מִשְׁפָּט וַיְלַמְּדֵהוּ דַעַת וְדֶרֶךְ תְּבוּנוֹת
יוֹדִיעֶנּוּ׃ הֵן גּוֹיִם כְּמַר מִדְּלִי וּכְשַׁחַק מֹאזְנַיִם נֶחְשָׁבוּ הֵן טו
אִיִּים כַּדַּק יִטּוֹל׃ וּלְבָנוֹן אֵין דֵּי בָּעֵר וְחַיָּתוֹ אֵין דֵּי טז

---

לט, ח׳ פתח באתנח   מ, א׳ הפטרת ואתחנן

דיינע עלטערן האָבן אָנגעקליבן ביז היינטיקן טאָג, וועט אַוועקגעטראָגן ווערן קיין בָּבל; קיין זאַך וועט ניט איבער־בלייבן, זאָגט גאָט. 7 און פון דיינע זין וואָס וועלן אַרויס־גיין פון דיר, וואָס דו וועסט געבערן, וועט מען נעמען, און זיי וועלן זיין הויפדינער אין פּאַלאַץ פון דעם מלך פון בָּבל.

8 האָט חִזקִיָהו געזאָגט צו ישַׁעיָהון: גוט איז דאָס וואָרט פון גאָט וואָס דו האָסט גערעדט. און ער האָט געזאָגט: אויב שלום און זיכערקייט וועט זיין אין מיינע טעג!

מ 1 טרייסט, טרייסט מיין פאָלק,
זאָגט אַייער גאָט.
2 רעדט צום האַרצן פון ירושָׁלַיִם,
און רופט צו איר,
אַז זי האָט דערפילט איר צייט,
אַז אָפּגעצאָלט איז איר פאַרברעך;
אַז זי האָט געקריגן פון גאָטס האַנט
טאָפּל פאַר אַלע אירע זינד.

3 אַ קָול רופט:
ראַמט אָפּ אין מדבר דעם וועג פון יהוה,
גלייכט אויס אין דער וויסטע
אַ שטעג פאַר אונדזער גאָט.
4 יעטוועדער טאָל זאָל דערהויבן ווערן,
און יעטוועדער באַרג און הייך זאָל דערנידערט ווערן;
און דאָס קרומע זאָל ווערן גלייך,
און די באַרגקייטן אַ פּלוין.
5 און דער כבוד פון גאָט וועט אַנטפּלעקט ווערן,
און אַלע לייבער אין איינעם וועלן זען;
וואָרום דאָס מויל פון גאָט האָט גערעדט.

6 אַ קָול זאָגט: רוף!
און ער זאָגט: וואָס זאָל איך רופן?
אַלע לייבער זיינען גראָז,
און אַל זייער חן ווי אַ בלום פון פעלד;
7 פאַרטריקנט ווערט דאָס גראָז,
פאַרוועלקט ווערט די בלום,
אַז דער אָטעם פון גאָט בלאָזט דערויף;
פאַרוואָר, גראָז איז דאָס פאָלק.
8 פאַרטריקנט ווערט דאָס גראָז,
פאַרוועלקט ווערט די בלום,
אָבער דאָס וואָרט פון אונדזער גאָט
וועט אויף אייביק באַשטיין.
9 אויף אַ הויכן באַרג גיי דיר אַרויף,
אָנזאָגערין פון צִיוֹן;
הייב אויף מיט כּוח דיין קָול,
אָנזאָגערין פון ירושָׁלַיִם;
הייב אויף, האָב ניט מורא,
זאָג צו די שטעט פון יהודה:
אָט איז אַייער גאָט!

10 זע, גאָט דער האַר קומט אַ מאַכטיקער,
און זיין אָרעם געוועלטיקט פאַר אים;
זע, זיין שׂכר איז מיט אים,
און זיין לוין אים פאַרויס;
11 ווי אַ פּאַסטוך וואָס פּיטערט זיין סטאַדע;
אין זיין אָרעם קלייבט ער אויף די לעמער,
און טראָגט אין זיין בוזעם;
די וויגעדיקע פירט ער פּאַמעלעך.

12 ווער האָט געמאָסטן מיט זיין הויפן די וואַסערן,
און די הימלען מיט אַ שפּאַן מאַרקירט,
און פאַרנומען אין אַ מאָס דעם שטויב פון דער ערד,
און געוויגן די בערג אויפן וואָג,
און די הייכן אויף וואָגשאָלן?

13 ווער האָט דערפאָרשט דעם גייסט פון גאָט?
און ווער איז זיין בעל־עצה וואָס האָט אים צוגעוויזן?
14 מיט וועמען האָט ער זיך געעֵצהט,
וואָס האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין,
און אים געלערנט דעם וועג פון גערעכטיקייט,
און אים געלערנט קענשאַפט,
און דעם וועג פון פאַרשטאַנדיקייט אים געמאַכט
וויסן?
15 זע, פעלקער זיינען ווי אַ טריף פון אַן עמער,
און ווי שטויב פון וואָגשאָלן זיינען זיי גערעכנט;
זע, אינדזלען הייבט ער אויף ווי אַ זעמדל.
16 און דער לבָנוֹן איז ניט גענוג ברענוואַרג,
און זיינע חיות ניט גענוג בראַנדאָפּפער.

17 אַלע פעלקער זיינען ווי גאָרניט קעגן אים,
פון נישט און גאָרנישט זיינען זיי גערעכנט ביי אים.
18 און צו וועמען קענט איר צוגלייכן גאָט?
און וואָסער געשטאַלט קענט איר אים גלייך שטעלן?
19 דעם געץ וואָס אַ מיינסטער האָט אויסגעגאָסן,
און אַ שמעלצער ציט אים איבער מיט גאָלד,
און שמעלצט־צו קייטלעך פון זילבער?
20 אַ שטיינדעמב ווערט אויסגעקליבן,
האָלץ וואָס פוילט ניט ווילט מען אויס;
אַ קלוגן מיינסטער זוכט מען זיך,
אויפצושטעלן אַ געץ וואָס זאָל זיך ניט וואַקלען.

21 ווייסט איר דען ניט?
הערט איר דען ניט?
איז אַייך פון אָנהייב אָן ניט דערציילט געוואָרן?
פאַרשטייט איר ניט די גרונטפעסטן פון דער ערד?
22 ער איז דער וואָס זיצט איבער דעם צירקל פון דער ערד,
און אירע באַוווינער זיינען ווי היישעריקן;
דער וואָס שפּרייט ווי אַ טול די הימלען,
און ציט זיי אויס ווי אַ געצעלט צום וווינען;
23 דער וואָס פאַרקערט פירשטן צו ניוועץ,
וואָס מאַכט ווי גאָרניט די ריכטער פון דער ערד.
24 נאָך צומאָל ניט אַיינגעפלאַנצט זיינען זיי,
נאָך צומאָל ניט פאַרזייט זיינען זיי,
נאָך צומאָל ניט אַיינגעוואָרצלט אין דער ערד זייער שטאַם,
און שוין טוט ער אַ בלאָז אויף זיי, און זיי ווערן פאַר־
טריקנט,
און אַ שטורעם טראָגט זיי ווי שטרוי אַוועק.
25 און צו וועמען קענט איר מיך צוגלייכן, איך זאָל גלייך זיין?
זאָגט דער הייליקער.
26 הייבט אויף אין דער הייך אַייערע אויגן,
און זעט: ווער האָט באַשאַפן דידאָזיקע?
ער, וואָס פירט אַרויס מיט אַ צאָל זייער חיל,
זיי אַלע רופט ער מיטן נאָמען;
דורך גרויס מאַכט, און ווייל ער איז שטאַרק אין כּוח,
איז קיינער ניט געמינערט.

27 פאַרוואָס זאָלסטו זאָגן, יעקב,
און זאָלסטו רעדן, ישׂראל:
פאַרבאָרגן איז מיין וועג פון יהוה,
און פון מיין גאָט איז מיין משפּט אַוועק.
28 ווייסטו דען ניט?
צי האָסטו ניט געהערט?
יהוה איז דער אייביקער גאָט,
דער באַשעפער פון די עקן פון דער ערד.
ער ווערט ניט מיד און ניט מאַט;
ניט צו דערפאָרשן איז זיין פאַרשטאַנדיקייט.
29 ער גיט דעם מידן כּוח,
און דעם אוממאַכטיקן מערט ער שטאַרקייט.
30 און יונגע לייט וועלן מיד און מאַט ווערן,
און יונגע וועלן שטרויכלען געשטרויכלט ווערן;
31 אָבער די וואָס האָפן אויף גאָט וועלן באַנייען דעם כּוח,
זיי וועלן אויפהייבן פליגלען ווי די אָדלערס;
זיי וועלן לויפן און ניט מיד ווערן,
זיי וועלן גיין און ניט מאַט ווערן.

יז עוֹלָה׃ כָּל־הַגּוֹיִם כְּאַיִן נֶגְדּוֹ מֵאֶפֶס וָתֹהוּ נֶחְשְׁבוּ־
יח יט לוֹ׃ וְאֶל־מִי תְּדַמְּיוּן אֵל וּמַה־דְּמוּת תַּעַרְכוּ־לוֹ׃ הַפֶּסֶל
נָסַךְ חָרָשׁ וְצֹרֵף בַּזָּהָב יְרַקְּעֶנּוּ וּרְתֻקוֹת כֶּסֶף צוֹרֵף׃
כ הַמְסֻכָּן תְּרוּמָה עֵץ לֹא־יִרְקַב יִבְחָר חָרָשׁ חָכָם יְבַקֶּשׁ־
כא לוֹ לְהָכִין פֶּסֶל לֹא יִמּוֹט׃ הֲלוֹא תֵדְעוּ הֲלוֹא תִשְׁמָעוּ
הֲלוֹא הֻגַּד מֵרֹאשׁ לָכֶם הֲלוֹא הֲבִינֹתֶם מוֹסְדוֹת הָאָרֶץ׃
כב הַיֹּשֵׁב עַל־חוּג הָאָרֶץ וְיֹשְׁבֶיהָ כַּחֲגָבִים הַנּוֹטֶה כַדֹּק
כג שָׁמַיִם וַיִּמְתָּחֵם כָּאֹהֶל לָשָׁבֶת׃ הַנּוֹתֵן רוֹזְנִים לְאָיִן שֹׁפְטֵי
כד אֶרֶץ כַּתֹּהוּ עָשָׂה׃ אַף בַּל־נִטָּעוּ אַף בַּל־זֹרָעוּ אַף בַּל־
שֹׁרֵשׁ בָּאָרֶץ גִּזְעָם וְגַם נָשַׁף בָּהֶם וַיִּבָשׁוּ וּסְעָרָה כַּקַּשׁ
כה כו תִּשָּׂאֵם׃ וְאֶל־מִי תְדַמְּיוּנִי וְאֶשְׁוֶה יֹאמַר קָדוֹשׁ׃ שְׂאוּ־
מָרוֹם עֵינֵיכֶם וּרְאוּ מִי־בָרָא אֵלֶּה הַמּוֹצִיא בְמִסְפָּר צְבָאָם
לְכֻלָּם בְּשֵׁם יִקְרָא מֵרֹב אוֹנִים וְאַמִּיץ כֹּחַ אִישׁ לֹא
כז נֶעְדָּר׃ · לָמָּה תֹאמַר יַעֲקֹב וּתְדַבֵּר יִשְׂרָאֵל נִסְתְּרָה
כח דַרְכִּי מֵיְהוָה וּמֵאֱלֹהַי מִשְׁפָּטִי יַעֲבוֹר׃ הֲלוֹא יָדַעְתָּ אִם־
לֹא שָׁמַעְתָּ אֱלֹהֵי עוֹלָם ׀ יְהוָה בּוֹרֵא קְצוֹת הָאָרֶץ לֹא
כט יִיעַף וְלֹא יִיגָע אֵין חֵקֶר לִתְבוּנָתוֹ׃ נֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ וּלְאֵין
ל אוֹנִים עָצְמָה יַרְבֶּה׃ וְיִעֲפוּ נְעָרִים וְיִגָעוּ וּבַחוּרִים כָּשׁוֹל
לא יִכָּשֵׁלוּ׃ וְקוֹיֵ יְהוָה יַחֲלִיפוּ כֹחַ יַעֲלוּ אֵבֶר כַּנְּשָׁרִים יָרוּצוּ
וְלֹא יִיגָעוּ יֵלְכוּ וְלֹא יִיעָפוּ׃

## מא

א הַחֲרִישׁוּ אֵלַי אִיִּים וּלְאֻמִּים יַחֲלִיפוּ כֹחַ יִגְּשׁוּ אָז יְדַבֵּרוּ
ב יַחְדָּו לַמִּשְׁפָּט נִקְרָבָה׃ מִי הֵעִיר מִמִּזְרָח צֶדֶק יִקְרָאֵהוּ
לְרַגְלוֹ יִתֵּן לְפָנָיו גּוֹיִם וּמְלָכִים יַרְדְּ יִתֵּן כֶּעָפָר חַרְבּוֹ כְּקַשׁ
ג נִדָּף קַשְׁתּוֹ׃ יִרְדְּפֵם יַעֲבוֹר שָׁלוֹם אֹרַח בְּרַגְלָיו לֹא יָבוֹא׃
ד מִי־פָעַל וְעָשָׂה קֹרֵא הַדֹּרוֹת מֵרֹאשׁ אֲנִי יְהוָה רִאשׁוֹן
ה וְאֶת־אַחֲרֹנִים אֲנִי־הוּא׃ רָאוּ אִיִּים וְיִירָאוּ קְצוֹת הָאָרֶץ

מ, כא׳ קמץ בז״ק   כו׳ עד כאן   כז׳ הפטרה לך לך   לא׳ נ״א וְקוֹיֵ

## מא

1 שווייגט פאַר מיר, איר אינדזלען,
און זאָלן די פעלקער באַנייען דעם כּוח;
זאָלן זיי זיך נענטערן, דענסמאָל זאָלן זיי רעדן;
באַנאַנד לאָמיר צום משפּט גענענען.
2 ווער האָט דערוועקט פון מזרח
דעם וואָס זיג באַגעגנט אויף זיין טריט?
ער גיט די פעלקער פאַר אים,
און מאַכט אים געוועלטיקן איבער מלכים;
ווי שטויב מאַכט זיי זיין שווערד,
ווי געטריבענעם שטרוי זיין בויגן[א].
3 ער יאָגט זיי נאָך, ער גייט בשלום אַריבער
אַ וועג וואָס ער האָט מיט זיינע פיס ניט באַטרעטן.
4 ווער האָט דאָס געמאַכט און געטאָן?
דער וואָס רופט אויס די דורות פון אָנהייב.
איך יהוה בין דער ערשטער,
און מיט די לעצטע בין איך דער אייגענער.
5 די אינדזלען האָבן געזען, און האָבן מורא,

א וואָרטשפּיל: כְּקַשׁ־קַשְׁתּוֹ.

יַחְדָּו קָרְבוּ וַיֶּאֱתָיוּן׃ אִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר ו
חֲזָק׃ וַיְחַזֵּק חָרָשׁ אֶת־צֹרֵף מַחֲלִיק פַּטִּישׁ אֶת־הוֹלֶם ז
פָּעַם אֹמֵר לַדֶּבֶק טוֹב הוּא וַיְחַזְּקֵהוּ בְמַסְמְרִים לֹא יִמּוֹט׃
וְאַתָּה יִשְׂרָאֵל עַבְדִּי יַעֲקֹב אֲשֶׁר בְּחַרְתִּיךָ זֶרַע ח
אַבְרָהָם אֹהֲבִי׃ אֲשֶׁר הֶחֱזַקְתִּיךָ מִקְצוֹת הָאָרֶץ וּמֵאֲצִילֶיהָ ט
קְרָאתִיךָ וָאֹמַר לְךָ עַבְדִּי־אַתָּה בְּחַרְתִּיךָ וְלֹא מְאַסְתִּיךָ׃
אַל־תִּירָא כִּי עִמְּךָ־אָנִי אַל־תִּשְׁתָּע כִּי־אֲנִי אֱלֹהֶיךָ אִמַּצְתִּיךָ י
אַף־עֲזַרְתִּיךָ אַף־תְּמַכְתִּיךָ בִּימִין צִדְקִי׃ הֵן יֵבֹשׁוּ וְיִכָּלְמוּ יא
כֹּל הַנֶּחֱרִים בָּךְ יִהְיוּ כְאַיִן וְיֹאבְדוּ אַנְשֵׁי רִיבֶךָ׃
תְּבַקְשֵׁם וְלֹא תִמְצָאֵם אַנְשֵׁי מַצֻּתֶךָ יִהְיוּ כְאַיִן וּכְאֶפֶס יב
אַנְשֵׁי מִלְחַמְתֶּךָ׃ כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ מַחֲזִיק יְמִינֶךָ יג
הָאֹמֵר לְךָ אַל־תִּירָא אֲנִי עֲזַרְתִּיךָ׃ אַל־תִּירְאִי תּוֹלַעַת יד
יַעֲקֹב מְתֵי יִשְׂרָאֵל אֲנִי עֲזַרְתִּיךְ נְאֻם־יְהוָה וְגֹאֲלֵךְ קְדוֹשׁ
יִשְׂרָאֵל׃ הִנֵּה שַׂמְתִּיךְ לְמוֹרַג חָרוּץ חָדָשׁ בַּעַל פִּיפִיּוֹת טו
תָּדוּשׁ הָרִים וְתָדֹק וּגְבָעוֹת כַּמֹּץ תָּשִׂים׃ תִּזְרֵם וְרוּחַ טז
תִּשָּׂאֵם וּסְעָרָה תָּפִיץ אוֹתָם וְאַתָּה תָּגִיל בַּיהוָה בִּקְדוֹשׁ
יִשְׂרָאֵל תִּתְהַלָּל׃ הָעֲנִיִּים וְהָאֶבְיוֹנִים מְבַקְשִׁים יז
מַיִם וָאַיִן לְשׁוֹנָם בַּצָּמָא נָשָׁתָּה אֲנִי יְהוָה אֶעֱנֵם אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל לֹא אֶעֶזְבֵם׃ אֶפְתַּח עַל־שְׁפָיִים נְהָרוֹת וּבְתוֹךְ יח
בְּקָעוֹת מַעְיָנוֹת אָשִׂים מִדְבָּר לַאֲגַם־מַיִם וְאֶרֶץ צִיָּה לְמוֹצָאֵי
מָיִם׃ אֶתֵּן בַּמִּדְבָּר אֶרֶז שִׁטָּה וַהֲדַס וְעֵץ שָׁמֶן אָשִׂים יט
בָּעֲרָבָה בְּרוֹשׁ תִּדְהָר וּתְאַשּׁוּר יַחְדָּו׃ לְמַעַן יִרְאוּ וְיֵדְעוּ כ
וְיָשִׂימוּ וְיַשְׂכִּילוּ יַחְדָּו כִּי יַד־יְהוָה עָשְׂתָה זֹּאת וּקְדוֹשׁ
יִשְׂרָאֵל בְּרָאָהּ׃ קָרְבוּ רִיבְכֶם יֹאמַר יְהוָה הַגִּישׁוּ כא
עֲצֻמוֹתֵיכֶם יֹאמַר מֶלֶךְ יַעֲקֹב׃ יַגִּישׁוּ וְיַגִּידוּ לָנוּ אֵת אֲשֶׁר כב
תִּקְרֶינָה הָרִאשֹׁנוֹת ׀ מָה הֵנָּה הַגִּידוּ וְנָשִׂימָה לִבֵּנוּ וְנֵדְעָה
אַחֲרִיתָן אוֹ הַבָּאוֹת הַשְׁמִיעֻנוּ׃ הַגִּידוּ הָאֹתִיּוֹת לְאָחוֹר כג

---

ז׳ כצל טו׳ עד כאן

די עקן פון דער ערד טוען ציטערן;
זיי האָבן גענענט און זיינען געקומען.

6 איינער העלפט דעם אַנדערן,
און ער זאָגט צו זיין ברודער: זיי שטאַרק;
7 און דער טישלער שטאַרקט דעם שמעלצער,
דער וואָס גלעט מיטן האַמער,
דעם וואָס קלאַפּט אויפן אַמבאָס;
ער זאָגט אויפן צונויפלייט: ער איז גוט;
און באַפעסטיקט עס מיט נעגל,
עס זאָל זיך ניט וואַקלען[א].

8 און דו ישׂראל מיין קנעכט,
יעקב, וואָס איך האָב דיך אויסדערוויילט,
דער זאָמען פון אַברהם מיין ליבהאָבער,
9 וואָס איך האָב דיך אָנגענומען פון די עקן ערד,
און פון אירע ברעגן דיך גערופן,
און געזאָגט צו דיר: מיין קנעכט ביסטו,
איך האָב דיך אויסדערוויילט און דיך ניט פאַראַכט;
10 זאָלסט ניט מורא האָבן, וואָרום איך בין מיט דיר,
זאָלסט זיך ניט אומקוקן, וואָרום איך בין דיין גאָט;
איך שטאַרק דיך און איך העלף דיך,
און איך לען דיך אונטער
מיט דער רעכטער האַנט פון מיין גערעכטיקייט.
11 זע, פאַרשעמט און צו שאַנד וועלן ווערן
אַלע וואָס זיינען אָנגעצונדן אויף דיר;
ווי נישט וועלן ווערן און אונטערגיין
די מענטשן אין קריג מיט דיר;
12 וועסט זיי זוכן און זיי ניט געפינען,
די מענטשן אין שטרייט מיט דיר;
ווי נישט און ווי גאָרנישט וועלן ווערן
די מענטשן אין מלחמה מיט דיר.
13 וואָרום איך בין יהוה דיין גאָט
וואָס האַלט דיין רעכטע האַנט,
דער וואָס זאָגט צו דיר:
זאָלסט ניט מורא האָבן, איך העלף דיך.

14 זאָלסט ניט מורא האָבן, וואָרעם יעקב,
הייפעלע ישׂראל;
איך העלף דיך, זאָגט גאָט,
און דיין אויסלייזער איז דער הייליקער פון ישׂראל.
15 זע, איך מאַך דיך פאַר אַ דרעששליטן אַ נייעם,
מיט שפּיצן אַ סך;
וועסט דרעשן בערג און צעמאָלן,
און הייכן וועסטו ווי שפּריי מאַכן.
16 וועסט זיי ווינטשופלען, און אַ ווינט וועט זיי אַוועקטראָגן,
און אַ שטורעם וועט זיי צעשפּרייטן;
און דו וועסט זיך פרייען מיט גאָט,
מיט דעם הייליקן פון ישׂראל וועסטו זיך רימען.

17 די אָרימע און באַדערפטיקע זוכן וואַסער און ניטאָ,
זייער צונג איז פאַרטריקנט פון דאָרשט;
איך, יהוה, וועל זיי ענטפערן,
איך, גאָט פון ישׂראל, וועל זיי ניט פאַרלאָזן.
18 איך וועל עפענען שטראָמען אויף הויכע ערטער,
און קוואַלן אין מיטן פון טאָלן;
איך וועל מאַכן דעם מדבר פאַר אַ געמויזעכץ וואַסער,
און טרוקן לאַנד פאַר אויסגאַנגען וואַסער.
19 איך וועל געבן אין מדבר צעדער,
אַקאַציע, און מירט, און איילבוים;
איך וועל אַיינזעצן אין דער וויסטע ציפּרעס,
טענענבוים און בוקסנבוים אין איינעם;
20 כדי זיי זאָלן זען און וויסן,
און באַטראַכטן און פאַרשטיין צוגלייך,
אַז די האַנט פון גאָט האָט דאָס געטאָן,
און דער הייליקער פון ישׂראל האָט עס געשאַפן.

21 ברענגט אַהער אַייער קריג, זאָגט גאָט,
גענענט אַייערע טענות, זאָגט דער קיניג פון יעקב.
22 זאָלן זיי גענענען און אונדז זאָגן
די זאַכן וואָס געשעען;
די פריערדיקע—וואָס זיינען זיי?
זאָגט, כדי מיר זאָלן צולייגן אונדזער האַרץ,
און דערקענען זייער אויסלאָז;
אָדער די קומעדיקע לאָזט אונדז הערן.
23 דערציילט אונדז וואָס וועט קומען שפּעטער,

א פסוקים 6–7 פאַרבינדן זיך מיט מ, 20.

און מיר וועלן וויסן אַז איר זייט געטער;
יאָ, טוט גוטס אָדער טוט שלעכטס,
און מיר וועלן זיך אומקוקן און זען צוגלייך.
24 זעט, איר זייט פון נישט,
און אײַער ווערק פון גאָרנישט;
אומווערדיק איז דער וואָס טוט אײַך אויסוויילן.

25 איך האָב דערוועקט פון צפון, און ער איז געקומען,
פון זונאויפגאַנג דעם וואָס רופט מײַן נאָמען;
און ער גייט אויף פירשטן ווי אויף קויט,
און ווי אַ טעפּער טרעט ליים.
26 ווער האָט אָנגעזאָגט פון אָנהייב, אַז מיר זאָלן וויסן,
און פון פריער, אַז מיר זאָלן זאָגן: ער איז גערעכט?
קיינער צומאָל האָט ניט אָנגעזאָגט,
קיינער צומאָל האָט ניט געלאָזט הערן,
קיינער צומאָל האָט ניט געהערט אײַערע ווערטער.
27 אַן ערשטער [וועט קומען] קיין ציון: זע, אָט זיינען זיי!
און ירושלים וועל איך געבן אַן אָנזאָגער.
28 אָבער איך קוק, און קיינער איז ניטאָ,
און פון די דאָזיקע איז ניטאָ קיין יועץ,
וואָס איך זאָל זיי פרעגן,
און זיי זאָלן ענטפערן אַ וואָרט.
29 זע, זיי אַלע זיינען גאָרנישט,
נישטיק זיינען זייערע ווערק,
ווינט און וויסטקייט זייערע געצן.

## מב

1 אָט איז מײַן קנעכט וואָס איך לען אים אונטער,
מײַן אויסדערוויילטער וואָס מײַן זעל באַגערט;
איך האָב אַרויפגעטאָן מײַן גייסט אויף אים,
אַ משפט צו די פעלקער וועט ער אַרויסלאָזן.
2 ער וועט ניט שרייען, און ניט הילכן,
און ניט לאָזן הערן אין גאַס זײַן קול.
3 אַן איינגעבראָכן שטעקל וועט ער ניט צעברעכן,
און אַ טונקעלן קנויט וועט ער ניט פאַרלעשן;
לויטן אמת וועט ער אַרויסלאָזן אַ משפט.
4 ער וועט ניט מאַט ווערן און ניט געבראָכן ווערן,
ביז ער וועט טאָן אויף דער ערד גערעכטיקייט;
און אינדזלען וועלן וואַרטן אויף זײַן תורה.

5 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר,
וואָס האָט באַשאַפן די הימלען און זיי אויסגעצויגן,
וואָס האָט אויסגעשפּרייט די ערד מיט אירע שפּראָצונגען,
וואָס גיט אָטעם דעם פאָלק אויף איר,
און אַ גייסט די וואָס גייען אויף איר:
6 איך גאָט האָב דיך גערופן אין גערעכטיקייט,
און איך וועל אָנגעמען דײַן האַנט, און דיך היטן,
און דיך מאַכן פאַר אַ בונד מיט די פעלקער,
פאַר אַ ליכט פון די אומות;
7 צו עפענען בלינדע אויגן,
אַרויסצוציען פון געפענקעניש דעם געפאַנגענעם,
פון תפיסה די וואָס זיצן אין פינצטערניש.
8 איך בין יהוה, דאָס איז מײַן נאָמען;
און מײַן כבוד וועל איך צו קיין אַנדערן ניט געבן,
און מײַן לויב–צו קיין געצן.
9 דאָס פריערדיקע, זע, איז אָנגעקומען,
און נייס וועל איך אָנזאָגן;
איידער עס שפּראָצט אַרויס
וועל איך עס אײַך מאַכן הערן.

10 זינגט צו גאָט אַ ניי געזאַנג,
זײַן לויב פון עק פון דער ערד,
איר וואָס נידערט אויפן ים און זײַן פולקייט,
אינדזלען און זייערע באַוווינער.
11 זאָלן הילכן דער מדבר און זײַנע שטעט,
די דערפער וואָס קדר באַוווינט;
זאָלן זינגען די באַוווינער פון פעלז,
פון שפּיץ בערג זאָלן זיי שרייען.
12 זאָלן זיי טאָן כבוד צו גאָט,
און זײַן לויב אין די אינדזלען דערציילן.
13 גאָט וועט אַרויסגיין ווי אַ גיבור,
ווי אַ קריגסמאַן וועט ער וועקן זײַן צאָרן;
ער וועט שאַלן און וועט שרייען,
איבער די פיינט זײַנע וועט ער זיך שטאַרקן.

וְנֵדְעָה כִּי אֱלֹהִים אַתֶּם אַף־תֵּיטִיבוּ וְתָרֵעוּ וְנִשְׁתָּעָה וְנִרְאֶ
כד יַחְדָּו׃ הֵן־אַתֶּם מֵאַיִן וּפָעָלְכֶם מֵאָפַע תּוֹעֵבָה יִבְחַר בָּכֶם׃
כה הַעִירוֹתִי מִצָּפוֹן וַיַּאת מִמִּזְרַח־שֶׁמֶשׁ יִקְרָא בִשְׁמִי
כו וְיָבֹא סְגָנִים כְּמוֹ־חֹמֶר וּכְמוֹ יוֹצֵר יִרְמָס־טִיט׃ מִי־הִגִּיד
מֵרֹאשׁ וְנֵדָעָה וּמִלְּפָנִים וְנֹאמַר צַדִּיק אַף אֵין־מַגִּיד אַף
כז אֵין מַשְׁמִיעַ אַף אֵין־שֹׁמֵעַ אִמְרֵיכֶם׃ רִאשׁוֹן לְצִיּוֹן הִנֵּה
כח הִנָּם וְלִירוּשָׁלִַם מְבַשֵּׂר אֶתֵּן׃ וְאֵרֶא וְאֵין אִישׁ וּמֵאֵלֶּה
כט וְאֵין יוֹעֵץ וְאֶשְׁאָלֵם וְיָשִׁיבוּ דָבָר׃ הֵן כֻּלָּם אָוֶן אֶפֶס
מַעֲשֵׂיהֶם רוּחַ וָתֹהוּ נִסְכֵּיהֶם׃

## מב

א הֵן עַבְדִּי אֶתְמָךְ־בּוֹ בְּחִירִי רָצְתָה נַפְשִׁי נָתַתִּי רוּחִי עָלָיו
ב מִשְׁפָּט לַגּוֹיִם יוֹצִיא׃ לֹא יִצְעַק וְלֹא יִשָּׂא וְלֹא־יַשְׁמִיעַ
ג בַּחוּץ קוֹלוֹ׃ קָנֶה רָצוּץ לֹא יִשְׁבּוֹר וּפִשְׁתָּה כֵהָה לֹא
ד יְכַבֶּנָּה לֶאֱמֶת יוֹצִיא מִשְׁפָּט׃ לֹא יִכְהֶה וְלֹא יָרוּץ עַד־
ה יָשִׂים בָּאָרֶץ מִשְׁפָּט וּלְתוֹרָתוֹ אִיִּים יְיַחֵילוּ׃ כֹּה־אָמַר
הָאֵל ׀ יְהוָה בּוֹרֵא הַשָּׁמַיִם וְנוֹטֵיהֶם רֹקַע הָאָרֶץ וְצֶאֱצָאֶיהָ
ו נֹתֵן נְשָׁמָה לָעָם עָלֶיהָ וְרוּחַ לַהֹלְכִים בָּהּ׃ אֲנִי יְהוָה
קְרָאתִיךָ בְצֶדֶק וְאַחְזֵק בְּיָדֶךָ וְאֶצָּרְךָ וְאֶתֶּנְךָ לִבְרִית עָם
ז לְאוֹר גּוֹיִם׃ לִפְקֹחַ עֵינַיִם עִוְרוֹת לְהוֹצִיא מִמַּסְגֵּר אַסִּיר
ח מִבֵּית כֶּלֶא יֹשְׁבֵי חֹשֶׁךְ׃ אֲנִי יְהוָה הוּא שְׁמִי וּכְבוֹדִי
ט לְאַחֵר לֹא־אֶתֵּן וּתְהִלָּתִי לַפְּסִילִים׃ הָרִאשֹׁנוֹת הִנֵּה־בָאוּ
וַחֲדָשׁוֹת אֲנִי מַגִּיד בְּטֶרֶם תִּצְמַחְנָה אַשְׁמִיעַ אֶתְכֶם׃
י שִׁירוּ לַיהוָה שִׁיר חָדָשׁ תְּהִלָּתוֹ מִקְצֵה הָאָרֶץ יוֹרְדֵי הַיָּם
יא וּמְלֹאוֹ אִיִּים וְיֹשְׁבֵיהֶם׃ יִשְׂאוּ מִדְבָּר וְעָרָיו חֲצֵרִים תֵּשֵׁב
יב קֵדָר יָרֹנּוּ יֹשְׁבֵי סֶלַע מֵרֹאשׁ הָרִים יִצְוָחוּ׃ יָשִׂימוּ לַיהוָה
יג כָּבוֹד וּתְהִלָּתוֹ בָּאִיִּים יַגִּידוּ׃ יְהוָה כַּגִּבּוֹר יֵצֵא כְּאִישׁ
מִלְחָמוֹת יָעִיר קִנְאָה יָרִיעַ אַף־יַצְרִיחַ עַל־אֹיְבָיו יִתְגַּבָּר׃

מ א, כג׳ ונראה קרי   כו׳ קמץ בז״ק   מ ב, ה׳ הפטרת בראשית

הֶחֱשֵׁיתִי מֵעוֹלָם אַחֲרִישׁ אֶתְאַפָּק כַּיּוֹלֵדָה אֶפְעֶה אֶשֹּׁם יד
וְאֶשְׁאַף יָחַד׃ אַחֲרִיב הָרִים וּגְבָעוֹת וְכָל־עֶשְׂבָּם אוֹבִישׁ טו
וְשַׂמְתִּי נְהָרוֹת לָאִיִּים וַאֲגַמִּים אוֹבִישׁ׃ וְהוֹלַכְתִּי עִוְרִים טז
בְּדֶרֶךְ לֹא יָדָעוּ בִּנְתִיבוֹת לֹא־יָדְעוּ אַדְרִיכֵם אָשִׂים מַחְשָׁךְ
לִפְנֵיהֶם לָאוֹר וּמַעֲקַשִּׁים לְמִישׁוֹר אֵלֶּה הַדְּבָרִים עֲשִׂיתִם
וְלֹא עֲזַבְתִּים׃ נָסֹגוּ אָחוֹר יֵבֹשׁוּ בֹשֶׁת הַבֹּטְחִים בַּפָּסֶל יז
הָאֹמְרִים לְמַסֵּכָה אַתֶּם אֱלֹהֵינוּ׃ הַחֵרְשִׁים שְׁמָעוּ יח
וְהַעִוְרִים הַבִּיטוּ לִרְאוֹת׃ מִי עִוֵּר כִּי אִם־עַבְדִּי וְחֵרֵשׁ יט
כְּמַלְאָכִי אֶשְׁלָח מִי עִוֵּר כִּמְשֻׁלָּם וְעִוֵּר כְּעֶבֶד יְהוָה׃
רָאִית רַבּוֹת וְלֹא תִשְׁמֹר פָּקוֹחַ אָזְנַיִם וְלֹא יִשְׁמָע׃ יְהוָה כ כא
חָפֵץ לְמַעַן צִדְקוֹ יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר׃ וְהוּא עַם־בָּזוּז כב
וְשָׁסוּי הָפֵחַ בַּחוּרִים כֻּלָּם וּבְבָתֵּי כְלָאִים הָחְבָּאוּ הָיוּ לָבַז
וְאֵין מַצִּיל מְשִׁסָּה וְאֵין־אֹמֵר הָשַׁב׃ מִי בָכֶם יַאֲזִין זֹאת כג
יַקְשִׁב וְיִשְׁמַע לְאָחוֹר׃ מִי־נָתַן לִמְשׁוֹסֶה יַעֲקֹב וְיִשְׂרָאֵל כד
לְבֹזְזִים הֲלוֹא יְהוָה זוּ חָטָאנוּ לוֹ וְלֹא־אָבוּ בִדְרָכָיו הָלוֹךְ
וְלֹא שָׁמְעוּ בְּתוֹרָתוֹ׃ וַיִּשְׁפֹּךְ עָלָיו חֵמָה אַפּוֹ וֶעֱזוּז כה
מִלְחָמָה וַתְּלַהֲטֵהוּ מִסָּבִיב וְלֹא יָדָע וַתִּבְעַר־בּוֹ וְלֹא־
יָשִׂים עַל־לֵב׃

מג

וְעַתָּה כֹּה־אָמַר יְהוָה בֹּרַאֲךָ יַעֲקֹב וְיֹצֶרְךָ יִשְׂרָאֵל אַל־ א
תִּירָא כִּי גְאַלְתִּיךָ קָרָאתִי בְשִׁמְךָ לִי־אָתָּה׃ כִּי־תַעֲבֹר ב
בַּמַּיִם אִתְּךָ־אָנִי וּבַנְּהָרוֹת לֹא יִשְׁטְפוּךָ כִּי־תֵלֵךְ בְּמוֹ־אֵשׁ
לֹא תִכָּוֶה וְלֶהָבָה לֹא תִבְעַר־בָּךְ׃ כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ ג
קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל מוֹשִׁיעֶךָ נָתַתִּי כָפְרְךָ מִצְרַיִם כּוּשׁ וּסְבָא
תַּחְתֶּיךָ׃ מֵאֲשֶׁר יָקַרְתָּ בְעֵינַי נִכְבַּדְתָּ וַאֲנִי אֲהַבְתִּיךָ וְאֶתֵּן ד
אָדָם תַּחְתֶּיךָ וּלְאֻמִּים תַּחַת נַפְשֶׁךָ׃ אַל־תִּירָא כִּי אִתְּךָ־ ה
אָנִי מִמִּזְרָח אָבִיא זַרְעֶךָ וּמִמַּעֲרָב אֲקַבְּצֶךָּ׃ אֹמַר לַצָּפוֹן ו

מב, טז׳ קמץ מ״ק   כ׳ ראות קרי   כא׳ ע״כ לספרדים   כד׳ למשסה קרי   כה׳ קמץ מ״ק

14 איך האָב געשוויגן פון לאַנג אָן,
איך פלעג שטיל זיין, זיך איינהאַלטן;
אַצונד וועל איך שרייען ווי אַ געווינערין,
איך וועל העשען און סאָפּען אין איינעם.
15 איך וועל פאַרוויסטן די בערג און די הייכן,
און אַל זייער גראָז וועל איך פאַרדאַרן;
און איך וועל מאַכן טייכן פאַר אינדזלען,
און געמויזעכצן וועל איך פאַרטריקענען.
16 און איך וועל מאַכן גיין בלינדע
אויף אַ וועג וואָס זיי האָבן ניט געוווּסט,
אויף שטעגן וואָס זיי האָבן ניט געוווּסט
וועל איך זיי פירן;
איך וועל מאַכן זיי פאַרויס פינצטערניש צו ליכט,
און קרומענישן פאַר אַ פלוין.
דידאָזיקע זאַכן, זיי טו איך,
און לאָז זיי ניט אויס.
17 אָפּטרעטן אַהינטער, שעמען וועלן זיך שעמען,
די וואָס פאַרזיכערן זיך אויפן געשניצטן בילד,
די וואָס זאָגן צו געגאָסענע געצן:
איר זייט אונדזערע געטער.

18 איר טויבע הערט,
און איר בלינדע, קוקט זעט.
19 ווער איז בלינד אויב ניט מיין קנעכט?
אָדער טויב ווי מיין שליח וואָס איך שיק?
ווער איז בלינד ווי דער איבערגעבענער,
און בלינד ווי דער קנעכט פון גאָט?
20 געזען פיל, אָבער דו מערקסט ניט;
אָפן די אויערן, אָבער ער הערט ניט.
21 גאָט האָט באַוויליקט פון וועגן זיין גערעכטיקייט,
ער זאָל גרייסן די תּורה און פּראַכטיקן.
22 אָבער עס איז אַ באַרויבט און באַראַבעוועט פאָלק,
געפאַנגען אין לעכער האָט מען זיי אַלע,
און אין תּפיסות ויינען זיי באַהאַלטן;
זיי זיינען געוואָרן צו רויב, און ניטאָ ווער זאָל מציל זיין,
צו אויסרויבונג, און ניטאָ ווער זאָל זאָגן: קער אום!

23 ווער צווישן אייך וויל פאַרנעמען דאָסדאָזיקע,
האָרכן און פאַרשטיין פאַרויס?
24 ווער האָט געגעבן צו אויסרויבונג יעקב,
און ישׂראל צו רויבער?
איז דאָס ניט גאָט, וואָס מיר האָבן געזינדיקט צו אים,
און אין זיינע וועגן האָט מען ניט געוואָלט גיין,
און זיין תּורה האָט מען ניט צוגעהערט?
25 דרום האָט ער אויסגעגאָסן אויף אים דעם גרים פון זיין
צאָרן,
און די שטאַרקייט פון מלחמה;
און זי האָט אים אָנגעצונדן רונד אַרום,
און ער האָט ניט געמערקט,
און זי האָט אים געברענט,
און ער נעמט ניט צום האַרצן.

מג 1 און אַצונד האָט אַזוי געזאָגט גאָט דיין בורא, יעקב,
און דיין באַשעפער, ישׂראל:
זאָלסט ניט מורא האָבן, וואָרום איך לייז דיך אויס,
איך רוף דיך ביים נאָמען, מיינער ביסטו.
2 אַז דו וועסט גיין דורך וואַסער, בין איך מיט דיר,
און אַז דורך טייכן, וועלן זיי דיך ניט פאַרפלייצן;
און דו וועסט גיין דורך פייער, וועסטו ניט אָנגעברענט ווערן,
און קיין פלאַם וועט דיך ניט אָנצינדן.
3 וואָרום איך בין יהוה דיין גאָט,
דער הייליקער פון ישׂראל, דיין העלפער;
איך גיב מִצרַיִם פאַר דיין אויסלייז,
כּוש און סבאָ אָנשטאָט דיר.
4 ווייל טייער ביסטו אין מיינע אויגן,
געאַכט, און איך האָב דיך ליב;
דרום גיב איך מענטשן אָנשטאָט דיר,
און פעלקער אָנשטאָט דיין לעבן.
5 זאָלסט ניט מורא האָבן,
וואָרום איך בין מיט דיר;
פון מזרח וועל איך ברענגען דיין זאָמען,
און פון מערב וועל איך דיך איינזאַמלען;
6 איך וועל זאָגן צו צפון: גיב אַהער!

תֵּנִי וּלְתֵימָן אַל־תִּכְלָאִי הָבִיאִי בָנַי מֵרָחוֹק וּבְנוֹתַי מִקְצֵה
ז הָאָרֶץ׃ כֹּל הַנִּקְרָא בִשְׁמִי וְלִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו יְצַרְתִּיו אַף־
ח עֲשִׂיתִיו׃ הוֹצִיא עַם־עִוֵּר וְעֵינַיִם יֵשׁ וְחֵרְשִׁים וְאָזְנַיִם לָמוֹ׃
ט כָּל־הַגּוֹיִם נִקְבְּצוּ יַחְדָּו וְיֵאָסְפוּ לְאֻמִּים מִי בָהֶם יַגִּיד זֹאת
וְרִאשֹׁנוֹת יַשְׁמִיעֻנוּ יִתְּנוּ עֵדֵיהֶם וְיִצְדָּקוּ וְיִשְׁמְעוּ וְיֹאמְרוּ
י אֱמֶת׃ אַתֶּם עֵדַי נְאֻם־יְהוָה וְעַבְדִּי אֲשֶׁר בָּחָרְתִּי לְמַעַן
תֵּדְעוּ וְתַאֲמִינוּ לִי וְתָבִינוּ כִּי־אֲנִי הוּא לְפָנַי לֹא־נוֹצַר אֵל
יא וְאַחֲרַי לֹא יִהְיֶה׃ אָנֹכִי אָנֹכִי יְהוָה וְאֵין מִבַּלְעָדַי
יב מוֹשִׁיעַ׃ אָנֹכִי הִגַּדְתִּי וְהוֹשַׁעְתִּי וְהִשְׁמַעְתִּי וְאֵין בָּכֶם זָר
יג וְאַתֶּם עֵדַי נְאֻם־יְהוָה וַאֲנִי־אֵל׃ גַּם־מִיּוֹם אֲנִי הוּא וְאֵין
יד מִיָּדִי מַצִּיל אֶפְעַל וּמִי יְשִׁיבֶנָּה׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה גֹּאַלְכֶם
קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל לְמַעַנְכֶם שִׁלַּחְתִּי בָבֶלָה וְהוֹרַדְתִּי בָרִיחִים
טו כֻּלָּם וְכַשְׂדִּים בָּאֳנִיּוֹת רִנָּתָם׃ אֲנִי יְהוָה קְדוֹשְׁכֶם בּוֹרֵא
טז יִשְׂרָאֵל מַלְכְּכֶם׃ כֹּה אָמַר יְהוָה הַנּוֹתֵן בַּיָּם דָּרֶךְ
יז וּבְמַיִם עַזִּים נְתִיבָה׃ הַמּוֹצִיא רֶכֶב־וָסוּס חַיִל וְעִזּוּז יַחְדָּו
יח יִשְׁכְּבוּ בַּל־יָקוּמוּ דָּעֲכוּ כַּפִּשְׁתָּה כָבוּ׃ אַל־תִּזְכְּרוּ רִאשֹׁנוֹת
יט וְקַדְמֹנִיּוֹת אַל־תִּתְבֹּנָנוּ׃ הִנְנִי עֹשֶׂה חֲדָשָׁה עַתָּה תִצְמָח
הֲלוֹא תֵדָעוּהָ אַף אָשִׂים בַּמִּדְבָּר דֶּרֶךְ בִּישִׁמֹן נְהָרוֹת׃
כ תְּכַבְּדֵנִי חַיַּת הַשָּׂדֶה תַּנִּים וּבְנוֹת יַעֲנָה כִּי־נָתַתִּי בַמִּדְבָּר
כא מַיִם נְהָרוֹת בִּישִׁימֹן לְהַשְׁקוֹת עַמִּי בְחִירִי׃ עַם־זוּ יָצַרְתִּי
כב לִי תְּהִלָּתִי יְסַפֵּרוּ׃ וְלֹא־אֹתִי קָרָאתָ יַעֲקֹב כִּי־יָגַעְתָּ בִּי
כג יִשְׂרָאֵל׃ לֹא־הֵבֵיאתָ לִּי שֵׂה עֹלֹתֶיךָ וּזְבָחֶיךָ לֹא כִבַּדְתָּנִי
כד לֹא הֶעֱבַדְתִּיךָ בְּמִנְחָה וְלֹא הוֹגַעְתִּיךָ בִּלְבוֹנָה׃ לֹא־קָנִיתָ
לִּי בַכֶּסֶף קָנֶה וְחֵלֶב זְבָחֶיךָ לֹא הִרְוִיתָנִי אַךְ הֶעֱבַדְתַּנִי
כה בְּחַטֹּאותֶיךָ הוֹגַעְתַּנִי בַּעֲוֹנֹתֶיךָ׃ אָנֹכִי אָנֹכִי הוּא מֹחֶה
כו פְשָׁעֶיךָ לְמַעֲנִי וְחַטֹּאתֶיךָ לֹא אֶזְכֹּר׃ הַזְכִּירֵנִי נִשָּׁפְטָה
כז יָחַד סַפֵּר אַתָּה לְמַעַן תִּצְדָּק׃ אָבִיךָ הָרִאשׁוֹן חָטָא

ט׳ יט׳ קמץ בז״ק   י׳ ס״כ לאשכנזים   כא׳ הפטרת ויקרא   כד׳ מלא ו

און צו דָרום: זאָלסט ניט צוריקהאַלטן!
ברענג מיינע זין פון דער וויט,
און מיינע טעכטער פון עק ערד;
7 איטלעכן וואָס ווערט גערופן מיט מיין נאָמען,
און וואָס איך האָב אים פאַר מיין כבוד באַשאַפן,
אים געפורעמט און אים געמאַכט.
8 ציט אַרויס דאָס פאָלק וואָס איז בלינד, און האָט אויגן,
און די וואָס זיינען טויב, און האָבן אויערן.
9 אַלע פעלקער זאָלן זיך איינזאַמלען אין איינעם,
און לאָזן זיך אויפקלייבן די אומות;
ווער צווישן זיי קען דאָס זאָגן,
און פאַרויסגעזאָגנס אונדז לאָזן הערן?
זאָלן זיי ברענגען זייערע עדות, און גערעכט זיין,
און זאָל מען הערן און זאָגן: עס איז אמת.
10 איר זייט מיינע עדות, זאָגט גאָט,
און מיין קנעכט וואָס איך האָב אויסדערוויילט,
כדי איר זאָלט וויסן, און גלויבן אין מיר,
און פאַרשטיין אַז איך בין דאָס;
פאַר מיר איז ניט געשאַפן געוואָרן קיין גאָט,
און נאָך מיר וועט ניט זיין.
11 איך, איך בין יהוה,
און חוץ מיר איז קיין העלפער ניטאָ.
12 איך האָב אָנגעזאָגט און געהאָלפן,
און איך האָב געמאַכט הערן,
און ניט אַ פרעמדער איז געווען צווישן אייך;
און איר זייט מיינע עדות, זאָגט יהוה,
אַז איך בין גאָט.
13 אויך היינט בין איך דער איינענער,
און ניטאָ ווער זאָל מציל זיין פון מיין האַנט;
איך טו, און ווער קען עס אָפּהאַלטן?
14 אַזוי האָט געזאָגט אייער אויסלייזער,
דער הייליקער פון ישׂראל:
פון אייערטוועגן שיק איך קיין בָבֶל,
און וועל זיי אַלע מאַכן נידערן אַנטלאָפּענע,
און די כַשׂדים—אין זייערע לוסטיקע שיפן.
15 איך בין יהוה, אייער הייליקער,
דער באַשעפער פון ישׂראל, אייער קיניג.
16 אַזוי האָט גאָט געזאָגט,
דער וואָס האָט געגעבן דורכן ים אַ וועג,
און דורך מאַכטיקע וואַסערן אַ שטעג;
17 וואָס האָט געלאָזט אַרויסציען רייטוואָגן און פערד[א],
חיל און שטאַרקייט,
זיי זאָלן ליגן אין איינעם, זיי זאָלן ניט אויפשטיין—
זיי האָבן געצאַנקט,
זיי האָבן ווי אַ קנויט זיך אויסגעלאָשן:
18 איר זאָלט ניט דערמאָנען דאָס פריערדיקע,
און דאָס אַמאָליקע זאָלט איר ניט באַטראַכטן.
19 אָט טו איך אַ נייס;
אַצונד שפּראָצט עס; דערקענט איר עס ניט?
יאָ, איך וועל מאַכן אין מדבר אַ וועג,
אין דער וויסטעניש טייכן.
20 ערלעכן וועט מיך די חיה פון פעלד,
שאַקאַלן און שטרויספויגלען,
ווייל איך גיב אין מדבר וואַסער,
טייכן אין דער וויסטעניש,
אָנצוטרינקען מיין פאָלק, מיין אויסדערוויילטס;
21 דאָס פאָלק וואָס איך האָב מיר באַשאַפן,
זיי זאָלן דערציילן מיין לויב.
22 און מיך האָסטו ניט גערופן, יעקב,
אַז דו זאָלסט זיין מיד פון מיר, ישׂראל;
23 האָסט מיר ניט געבראַכט דאָס לאָם פון דיינע בראַנדאָפּפער,
און מיט דיינע שלאַכטאָפּפער האָסטו מיך ניט געערלעכט;
איך האָב דיך ניט באַשווערט מיט שפּייזאָפּפער,
און דיך ניט מיד געמאַכט מיט ווייַרויך.
24 האָסט מיר ניט געקויפט פאַר געלט געווירצראָר[ב],
און מיט פעטס פון דיינע שלאַכטאָפּפער מיך ניט געזעט;
נייערט האָסט מיך באַשווערט מיט דיינע חטאים,
מיך מיד געמאַכט מיט דיינע זינד.
25 איך, איך בין דער וואָס מעק אויס
דיינע פאַרברעכן פון מיינעטוועגן,
און דיינע חטאים וועל איך ניט דערמאָנען.
26 דערמאָן מיר, לאָמיר זיך משפּטן מיטאַנאַנדער,
דערצייל דו, כדי זאָלסט גערעכט זיין.
27 דיין ערשטער פאָטער האָט געזינדיקט,

[א] זע שמות יד, 28.  [ב] וואָרטשפּיל: קָנִיתָ–קָנֶה.

וּמְלִיצֶיךָ פָּשְׁעוּ בִי׃ וַאֲחַלֵּל שָׂרֵי קֹדֶשׁ וְאֶתְּנָה לַחֵרֶם כח
יַעֲקֹב וְיִשְׂרָאֵל לְגִדּוּפִים׃

מד

וְעַתָּה שְׁמַע יַעֲקֹב עַבְדִּי וְיִשְׂרָאֵל בָּחַרְתִּי בוֹ׃ כֹּה־אָמַר א ב
יְהוָה עֹשֶׂךָ וְיֹצֶרְךָ מִבֶּטֶן יַעְזְרֶךָּ אַל־תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב
וִישֻׁרוּן בָּחַרְתִּי בוֹ׃ כִּי אֶצָּק־מַיִם עַל־צָמֵא וְנֹזְלִים עַל־ ג
יַבָּשָׁה אֶצֹּק רוּחִי עַל־זַרְעֶךָ וּבִרְכָתִי עַל־צֶאֱצָאֶיךָ׃ וְצָמְחוּ ד
בְּבֵין חָצִיר כַּעֲרָבִים עַל־יִבְלֵי־מָיִם׃ זֶה יֹאמַר לַיהוָה ה
אָנִי וְזֶה יִקְרָא בְשֵׁם־יַעֲקֹב וְזֶה יִכְתֹּב יָדוֹ לַיהוָה וּבְשֵׁם
יִשְׂרָאֵל יְכַנֶּה׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וְגֹאֲלוֹ ו
יְהוָה צְבָאוֹת אֲנִי רִאשׁוֹן וַאֲנִי אַחֲרוֹן וּמִבַּלְעָדַי אֵין אֱלֹהִים׃
וּמִי־כָמוֹנִי יִקְרָא וְיַגִּידֶהָ וְיַעְרְכֶהָ לִי מִשּׂוּמִי עַם־עוֹלָם ז
וְאֹתִיּוֹת וַאֲשֶׁר תָּבֹאנָה יַגִּידוּ לָמוֹ׃ אַל־תִּפְחֲדוּ וְאַל־ ח
תִּרְהוּ הֲלֹא מֵאָז הִשְׁמַעְתִּיךָ וְהִגַּדְתִּי וְאַתֶּם עֵדָי הֲיֵשׁ
אֱלוֹהַּ מִבַּלְעָדַי וְאֵין צוּר בַּל־יָדָעְתִּי׃ יֹצְרֵי־פֶסֶל כֻּלָּם ט
תֹּהוּ וַחֲמוּדֵיהֶם בַּל־יוֹעִילוּ וְעֵדֵיהֶם הֵמָּה בַּל־יִרְאוּ וּבַל־
יֵדְעוּ לְמַעַן יֵבֹשׁוּ׃ מִי־יָצַר אֵל וּפֶסֶל נָסָךְ לְבִלְתִּי הוֹעִיל׃ י
הֵן כָּל־חֲבֵרָיו יֵבֹשׁוּ וְחָרָשִׁים הֵמָּה מֵאָדָם יִתְקַבְּצוּ כֻלָּם יא
יַעֲמֹדוּ יִפְחֲדוּ יֵבֹשׁוּ יָחַד׃ חָרַשׁ בַּרְזֶל מַעֲצָד וּפָעַל יב
בַּפֶּחָם וּבַמַּקָּבוֹת יִצְּרֵהוּ וַיִּפְעָלֵהוּ בִּזְרוֹעַ כֹּחוֹ גַּם־רָעֵב
וְאֵין כֹּחַ לֹא־שָׁתָה מַיִם וַיִּיעָף׃ חָרַשׁ עֵצִים נָטָה קָו יג
יְתָאֲרֵהוּ בַשֶּׂרֶד יַעֲשֵׂהוּ בַּמַּקְצֻעוֹת וּבַמְּחוּגָה יְתָאֳרֵהוּ
וַיַּעֲשֵׂהוּ כְּתַבְנִית אִישׁ כְּתִפְאֶרֶת אָדָם לָשֶׁבֶת בָּיִת׃
לִכְרָת־לוֹ אֲרָזִים וַיִּקַּח תִּרְזָה וְאַלּוֹן וַיְאַמֶּץ־לוֹ בַּעֲצֵי־יָעַר יד
נָטַע אֹרֶן וְגֶשֶׁם יְגַדֵּל׃ וְהָיָה לְאָדָם לְבָעֵר וַיִּקַּח מֵהֶם טו
וַיָּחָם אַף־יַשִּׂיק וְאָפָה לָחֶם אַף־יִפְעַל־אֵל וַיִּשְׁתָּחוּ עָשָׂהוּ
פֶסֶל וַיִּסְגָּד־לָמוֹ׃ חֶצְיוֹ שָׂרַף בְּמוֹ־אֵשׁ עַל־חֶצְיוֹ בָּשָׂר טז

מג, ט׳ נקוד על   יד׳ נון זעירא   טו׳ קמץ מ״ק

אוּן דײַנע פֿירשפּרעכער האָבן געבראָכן אָן מיר.
28 דרום האָב איך פֿאַרשוועכט די האַרן פֿון הײליקטום,
און געגעבן צו פֿאַרווּיסטונג יעקב,
און ישׂראל צו לעסטערונג.

## מד

1 און אַצוּנד, הער, יעקב מײַן קנעכט,
און ישׂראל, וועמען איך האָב אויסדערווײלט;
2 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דײַן באַשאַפֿער,
און דײַן פֿורעמער פֿון מוטערלײַב, וואָס העלפֿט דיך:
זאָלסט ניט מורא האָבן, מײַן קנעכט יעקב,
און ישורון, וועמען איך האָב אויסדערווײלט.
3 וואָרום איך וועל גיסן וואַסער אויף דאָרשטיק לאַנד,
און פֿלוסן אויף טריקעניש;
איך וועל אויסגיסן מײַן גײַסט אויף דײַן זאָמען,
און מײַן ברכה אויף דײַנע שפּראָצן.
4 און זײ וועלן שפּראָצן ווי צווישן גראָז,
ווי ווערבעס בײַ בעכן וואַסער.
5 דער וועט זאָגן: איך געהער צו יהוה;
און דער וועט זיך רופֿן מיטן נאָמען פֿון יעקב,
און דער וועט אויפֿשרײַבן אויף זײַן האַנט „צו יהוה",
און מיטן נאָמען ישׂראל זיך טיטלען.

6 אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער קיניג פֿון ישׂראל,
און זײַן אויסלײזער, יהוה פֿון צבָאוֹת:
איך בין דער ערשטער, און איך בין דער לעצטער,
און חוץ מיר איז ניטאָ קײן גאָט.
7 און ווער ווי איך קען פֿאַרויסרופֿן—
זאָל ער עס זאָגן און אויסלײגן פֿאַר מיר—
פֿון זינט איך האָב באַשאַפֿן דאָס עלטסטע פֿאָלק?
און דאָס קומעדיקע און וואָס וועט געשען
זאָלן זײ דערצײלן.
8 איר זאָלט ניט אַנגסטן און ניט פֿאָרכטן;
פֿאַרוואָר, פֿון לאַנג אָן
האָב איך דיך געלאָזט הערן און דערצײלט,
און איר זײַט מײַנע עדות.
איז דען דאָ אַ גאָט אַחוץ מיר,
אַז ניטאָ אַ באַשיץ איך זאָל ניט וויסן?

9 די פֿורעמער פֿון אַ געץ זײַנען נישטיק אַלע,
און זײערע גלוסטיקע בילדער נוצן ניט;
און זײ אַלײן זײַנען זײערע עדות,
אַז זײ הערן ניט און ווײסן ניט;
דרום וועלן זײ פֿאַרשעמט ווערן.
10 ווער פֿורעמט עס אַ גאָט,
און גיסט אויס אַ געץ וואָס נוצט ניט!
11 זע, אַלע באַהעפֿטע אָן אים וועלן זיך שעמען,
און די מײַנסטערס—זײ מער פֿון אַלע מענטשן;
זאָלן זײ אַלע זיך אײַנזאַמלען, זאָלן זײ זיך שטעלן,
זײ וועלן אַנגסטן, זיך שעמען, אין אײנעם.

12 דער אַײזנשמיד [מאַכט] אַ האַק,
און אַרבעט אויף קוילן,
און מיט האַמערס טוט ער זי פֿורעמען,
און אַרבעט זי אויס מיט זײַן שטאַרקן אָרעם;
אויך ווערט ער הונגעריק, און איז אָן כּוח,
ער טרינקט ניט קײן וואַסער, און ווערט פֿאַרשמאַכט.
13 דער האָלצמײַנסטער ציט אויס אַ שנור;
ער צײכנט עס מיט אַ שטיפֿט,
ער מאַכט עס מיט הובלען צורעכט,
און מיט אַ צירקל צײכנט ער עס אַרום,
און ער מאַכט עס לויט דער געשטאַלט פֿון אַ מאַן,
לויט דער שײנקײט פֿון אַ מענטשן,
אויף צו וווינען אין אַ הויז.

14 ער האַקט זיך אויס צעדערן,
און נעמט אַ האַרטדעמב אָדער אַן אײכנבוים,
און ווײַלט זיך אויס צווישן די בײמער פֿון וואַלד;
ער פֿלאַנצט אַ פֿיכטבוים, און דער רעגן מאַכט וואַקסן.
15 און עס איז פֿאַר דעם מענטשן אויף צו ברענען;
און ער נעמט דערפֿון, און וואַרעמט זיך,
אויך הײצט ער, און באַקט ברויט;
דערצו מאַכט ער אַ גאָט, און בוקט זיך;
מאַכט עס צום געץ, און קניט דערצו.
16 טײל דערפֿון האָט ער פֿאַרברענט אין פֿײער,
אויף טײל דערפֿון עסט ער פֿלײש—

יֹאכֵל יִצְלֶה צָלִי וְיִשְׂבָּע אַף־יָחֹם וְיֹאמַר הֶאָח חַמּוֹתִי
יז רָאִיתִי אוּר׃ וּשְׁאֵרִיתוֹ לְאֵל עָשָׂה לְפִסְלוֹ יִסְגּוֹד־לוֹ
יח וְיִשְׁתַּחוּ וְיִתְפַּלֵּל אֵלָיו וְיֹאמַר הַצִּילֵנִי כִּי אֵלִי אָתָּה׃ לֹא
יָדְעוּ וְלֹא יָבִינוּ כִּי טַח מֵרְאוֹת עֵינֵיהֶם מֵהַשְׂכִּיל לִבֹּתָם׃
יט וְלֹא־יָשִׁיב אֶל־לִבּוֹ וְלֹא דַעַת וְלֹא־תְבוּנָה לֵאמֹר חֶצְיוֹ
שָׂרַפְתִּי בְמוֹ־אֵשׁ וְאַף אָפִיתִי עַל־גֶּחָלָיו לֶחֶם אֶצְלֶה
בָשָׂר וְאֹכֵל וְיִתְרוֹ לְתוֹעֵבָה אֶעֱשֶׂה לְבוּל עֵץ אֶסְגּוֹד׃
כ רֹעֶה אֵפֶר לֵב הוּתַל הִטָּהוּ וְלֹא־יַצִּיל אֶת־נַפְשׁוֹ וְלֹא
כא יֹאמַר הֲלוֹא שֶׁקֶר בִּימִינִי׃ זְכָר־אֵלֶּה יַעֲקֹב וְיִשְׂרָאֵל
כִּי עַבְדִּי־אָתָּה יְצַרְתִּיךָ עֶבֶד־לִי אַתָּה יִשְׂרָאֵל לֹא תִנָּשֵׁנִי׃
כב מָחִיתִי כָעָב פְּשָׁעֶיךָ וְכֶעָנָן חַטֹּאותֶיךָ שׁוּבָה אֵלַי כִּי
כג גְאַלְתִּיךָ׃ רָנּוּ שָׁמַיִם כִּי־עָשָׂה יְהוָה הָרִיעוּ תַּחְתִּיּוֹת
אֶרֶץ פִּצְחוּ הָרִים רִנָּה יַעַר וְכָל־עֵץ בּוֹ כִּי־גָאַל יְהוָה יַעֲקֹב
כד וּבְיִשְׂרָאֵל יִתְפָּאָר׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה גֹּאֲלֶךָ וְיֹצֶרְךָ מִבָּטֶן
אָנֹכִי יְהוָה עֹשֶׂה כֹּל נֹטֶה שָׁמַיִם לְבַדִּי רֹקַע הָאָרֶץ
כה מֵאִתִּי׃ מֵפֵר אֹתוֹת בַּדִּים וְקֹסְמִים יְהוֹלֵל מֵשִׁיב חֲכָמִים
כו אָחוֹר וְדַעְתָּם יְסַכֵּל׃ מֵקִים דְּבַר עַבְדּוֹ וַעֲצַת מַלְאָכָיו יַשְׁלִים
הָאֹמֵר לִירוּשָׁלִַם תּוּשָׁב וּלְעָרֵי יְהוּדָה תִּבָּנֶינָה וְחָרְבוֹתֶיהָ
כז אֲקוֹמֵם׃ הָאֹמֵר לַצּוּלָה חֳרָבִי וְנַהֲרֹתַיִךְ אוֹבִישׁ׃ כח הָאֹמֵר
לְכוֹרֶשׁ רֹעִי וְכָל־חֶפְצִי יַשְׁלִם וְלֵאמֹר לִירוּשָׁלִַם תִּבָּנֶה
וְהֵיכָל תִּוָּסֵד׃

## מה

א כֹּה־אָמַר יְהוָה לִמְשִׁיחוֹ לְכוֹרֶשׁ אֲשֶׁר־הֶחֱזַקְתִּי בִימִינוֹ
לְרַד־לְפָנָיו גּוֹיִם וּמָתְנֵי מְלָכִים אֲפַתֵּחַ לִפְתֹּחַ לְפָנָיו
ב דְּלָתַיִם וּשְׁעָרִים לֹא יִסָּגֵרוּ׃ אֲנִי לְפָנֶיךָ אֵלֵךְ וַהֲדוּרִים
ג אוֹשִׁר דַּלְתוֹת נְחוּשָׁה אֲשַׁבֵּר וּבְרִיחֵי בַרְזֶל אֲגַדֵּעַ׃ וְנָתַתִּי
לְךָ אוֹצְרוֹת חֹשֶׁךְ וּמַטְמֻנֵי מִסְתָּרִים לְמַעַן תֵּדַע כִּי אֲנִי

---

ס״ד, יז׳ יחוד ו כג׳ קמץ בז״ק כד׳ מאתי ק עד סגן כו׳ קמץ ברביע מה, ב׳ אישר ק

בראָט בראָטן און זעטיקט זיך,
אויך וואַרעמט ער זיך, און זאָגט: אַה!
מיר איז וואַרעם, איך שפּיר דאָס פייער;
17 און דעם איבערבלייב דערפון
מאַכט ער פאַר אַ גאָט–פאַר זיין געץ;
קניט צו אים און בוקט זיך און טוט תפילה צו אים,
און זאָגט: ראַטעווע מיך, וואָרום מיין גאָט ביסטו.

18 זיי ווייסן ניט, און זיי פאַרשטייען ניט,
וואָרום פאַרקלעפּט פון צו זען זיינען זייערע אויגן,
פון צו פאַרשטיין–זייערע הערצער.
19 און קיינער איבערלייגט ניט אין זיין האַרצן,
און ניטאָ קיין דערקענונג און קיין שׂכל צו זאָגן:
טייל דערפון האָב איך פאַרברענט אין פייער,
און אויך געבאַקן אויף זיינע קוילן ברויט,
געבראָטן פלייש און געגעסן;
און דעם רעשט דערפון
זאָל איך פאַר אַן אומווערדיקייט מאַכן?
צו אַ שייט האָלץ זאָל איך קניען?
20 ער יאָגט זיך נאָך אַש,
אַ פאַרנאַרט האַרץ האָט אים אָראָפּגעפירט,
און ער איז ניט מציל זיין נפש, און זאָגט ניט:
פאַרוואָר, ליגן איז אין מיין רעכטער האַנט.

21 געדענק דאָסדאָזיקע, יעקב,
און ישׂראל, אַז מיין קנעכט ביסטו;
איך האָב דיך געפורעמט, אַ קנעכט ביסטו מיר;
ישׂראל, זאָלסט מיך ניט פאַרגעסן.
22 איך האָב אָפּגעמעקט ווי אַ כמאַרע דיינע פאַרברעכן,
און ווי אַ וואָלקן דיינע זינד;
קער זיך אום צו מיר,
וואָרום איך האָב דיך אויסגעליזט.

23 זינגט איר הימלען, וואָרום גאָט האָט אויפגעטאָן;
שאַלט, איר טיפענישן פון דער ערד,
ברעכט אויס, איר בערג, אין געזאַנג,
דער וואַלד און יעטוועדער בוים אין אים;
וואָרום גאָט האָט אויסגעליזט יעקב,
און מיט ישׂראל טוט ער זיך רימען.

24 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דיין אויסלייזער,
און דיין פורעמער פון מוטערלייב:
איך בין יהוה וואָס האָב אַלצדינג געמאַכט,
וואָס האָב אויסגעצויגן די הימלען אַליין,
וואָס האָב אויסגעשפּרייט די ערד פון מיר זעלבערט;
25 וואָס פאַרשטערט די צייכנס פון די ליגנערס,
און די וואָרזאָגער מאַכט ער צעדולט;
וואָס קערט די חכמים אַהינטער,
און זייער שׂכל באַנאַרישט ער;
26 וואָס איז מקיים דאָס וואָרט פון זיין קנעכט,
און דעם באַראָט פון זיינע שלוחים פירט ער אויס;
וואָס זאָגט אויף ירושלים: זי זאָל באַזעצט ווערן;
און אויף די שטעט פון יהודה: זיי זאָלן אָפּגעבויט ווערן,
און אירע חורבות וועל איך אויפריכטן;
27 וואָס זאָגט צו דער טיפעניש: ווער טרוקן,
און דיינע טייכן וועל איך אויסטריקענען;
28 וואָס זאָגט אויף כורשן: ער איז מיין פּאַסטוך,
און אַל מיין באַגער וועט ער אויספירן,
צו זאָגן אויף ירושלים: זי זאָל געבויט ווערן,
און צום טעמפּל: זאָלסט געגרונטפעסט ווערן.

# מה

1 אַזוי האָט געזאָגט גאָט צו זיין געזאַלבטן,
צו כורשן וואָס איך האַלט זיין רעכטע האַנט,
צו מאַכן אונטערטעניק פאַר אים פעלקער,
און איך זאָל לויז מאַכן די לענדן פון מלכים;
צו עפענען פאַר אים טירן,
און טויערן זאָלן ניט פאַרשלאָסן זיין.
2 איך וועל גיין דיר פאַרויס,
און קרומע ערטער וועל איך אויסגלייכן;
קופּערנע טירן וועל איך צעברעכן,
און אייזערנע ריגלען וועל איך צעהאַקן.
3 און איך וועל דיר געבן די אוצרות פון דער פינצטערניש,
און די שאַצן פון פאַרבאָרגענישן,
כדי זאָלסט וויסן אַז איך בין יהוה,

ד יְהוָה הַקּוֹרֵא בְשִׁמְךָ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ לְמַעַן עַבְדִּי יַעֲקֹב
וְיִשְׂרָאֵל בְּחִירִי וָאֶקְרָא לְךָ בִּשְׁמֶךָ אֲכַנְּךָ וְלֹא יְדַעְתָּנִי׃
ה אֲנִי יְהוָה וְאֵין עוֹד זוּלָתִי אֵין אֱלֹהִים אֲאַזֶּרְךָ וְלֹא יְדַעְתָּנִי׃
ו לְמַעַן יֵדְעוּ מִמִּזְרַח־שֶׁמֶשׁ וּמִמַּעֲרָבָה כִּי־אֶפֶס בִּלְעָדָי
ז אֲנִי יְהוָה וְאֵין עוֹד׃ יוֹצֵר אוֹר וּבוֹרֵא חֹשֶׁךְ עֹשֶׂה שָׁלוֹם
ח וּבוֹרֵא רָע אֲנִי יְהוָה עֹשֶׂה כָל־אֵלֶּה׃ הַרְעִיפוּ
שָׁמַיִם מִמַּעַל וּשְׁחָקִים יִזְּלוּ־צֶדֶק תִּפְתַּח־אֶרֶץ וְיִפְרוּ־יֶשַׁע
ט וּצְדָקָה תַצְמִיחַ יַחַד אֲנִי יְהוָה בְּרָאתִיו׃ הוֹי רָב
אֶת־יֹצְרוֹ חֶרֶשׂ אֶת־חַרְשֵׂי אֲדָמָה הֲיֹאמַר חֹמֶר לְיֹצְרוֹ
י מַה־תַּעֲשֶׂה וּפָעָלְךָ אֵין־יָדַיִם לוֹ׃ הוֹי אֹמֵר לְאָב
יא מַה־תּוֹלִיד וּלְאִשָּׁה מַה־תְּחִילִין׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה קְדוֹשׁ
יִשְׂרָאֵל וְיֹצְרוֹ הָאֹתִיּוֹת שְׁאָלוּנִי עַל־בָּנַי וְעַל־פֹּעַל יָדַי
יב תְּצַוֻּנִי׃ אָנֹכִי עָשִׂיתִי אֶרֶץ וְאָדָם עָלֶיהָ בָרָאתִי אֲנִי יָדַי
יג נָטוּ שָׁמַיִם וְכָל־צְבָאָם צִוֵּיתִי׃ אָנֹכִי הַעִירֹתִהוּ בְצֶדֶק וְכָל־
דְּרָכָיו אֲיַשֵּׁר הוּא־יִבְנֶה עִירִי וְגָלוּתִי יְשַׁלֵּחַ לֹא בִמְחִיר
יד וְלֹא בְשֹׁחַד אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת׃ כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה
יְגִיעַ מִצְרַיִם וּסְחַר־כּוּשׁ וּסְבָאִים אַנְשֵׁי מִדָּה עָלַיִךְ יַעֲבֹרוּ
וְלָךְ יִהְיוּ אַחֲרַיִךְ יֵלֵכוּ בַּזִּקִּים יַעֲבֹרוּ וְאֵלַיִךְ יִשְׁתַּחֲווּ אֵלַיִךְ
טו יִתְפַּלָּלוּ אַךְ בָּךְ אֵל וְאֵין עוֹד אֶפֶס אֱלֹהִים׃ אָכֵן אַתָּה אֵל
טז מִסְתַּתֵּר אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מוֹשִׁיעַ׃ בּוֹשׁוּ וְגַם־נִכְלְמוּ כֻּלָּם
יז יַחְדָּו הָלְכוּ בַכְּלִמָּה חָרָשֵׁי צִירִים׃ יִשְׂרָאֵל נוֹשַׁע בַּיהוָה
תְּשׁוּעַת עוֹלָמִים לֹא־תֵבֹשׁוּ וְלֹא־תִכָּלְמוּ עַד־עוֹלְמֵי עַד׃
יח כִּי כֹה אָמַר־יְהוָה בּוֹרֵא הַשָּׁמַיִם הוּא הָאֱלֹהִים
יֹצֵר הָאָרֶץ וְעֹשָׂהּ הוּא כוֹנְנָהּ לֹא־תֹהוּ בְרָאָהּ לָשֶׁבֶת
יט יְצָרָהּ אֲנִי יְהוָה וְאֵין עוֹד׃ לֹא בַסֵּתֶר דִּבַּרְתִּי בִּמְקוֹם
אֶרֶץ חֹשֶׁךְ לֹא אָמַרְתִּי לְזֶרַע יַעֲקֹב תֹּהוּ בַקְּשׁוּנִי אֲנִי יְהוָה
כ דֹּבֵר צֶדֶק מַגִּיד מֵישָׁרִים׃ הִקָּבְצוּ וָבֹאוּ הִתְנַגְּשׁוּ יַחְדָּו
פְּלִיטֵי הַגּוֹיִם לֹא יָדְעוּ הַנֹּשְׂאִים אֶת־עֵץ פִּסְלָם וּמִתְפַּלְלִים

וואָס רופט דיך ביים נאָמען, דער גאָט פון ישׂראל.
[4] פון וועגן דעם קנעכט מיינעם יעקב,
און ישׂראל מיין אויסדערוויילטן,
האָב איך דיך גערופן ביי דיין נאָמען,
דיך באַטיטלט, הגם דו האָסט מיך ניט געקענט.
[5] איך בין יהוה, און מער איז ניטאָ,
חוץ מיר איז קיין גאָט ניט פאַראַן;
איך האָב דיך באַגורט, הגם דו האָסט מיך ניט געקענט;
[6] כדי מע זאָל וויסן פון אויפגאַנג פון זון
און פון איר אונטערגאַנג,
אַז ניטאָ אויסער מיר;
איך בין יהוה, און מער איז ניטאָ;
[7] דער וואָס פורעמט ליכט, און באַשאַפט פינצטערניש,
מאַכט פריד, און באַשאַפט בייז;
איך יהוה מאַך אַלדידאָזיקע.

[8] טריפט, איר הימלען, פון אויבן,
און די וואָלקנס זאָלן רינען גערעכטיקייט;
זאָל די ערד זיך עפענען,
און ישועות זאָלן זיך פרוכפּערן.
און רעכטפאַרטיקייט זאָל זיי מאַכן שפּראָצן באַגלייך;
איך יהוה האָב דאָס באַשאַפן.

[9] וויי, דער וואָס קריגט זיך מיט זיין באַשעפער—
אַ שערבל צווישן שערבלעך פון דער ערד!
וועט דען זאָגן דער ליים צו זיין פורעמער: וואָס טוסטו?
אָדער: דיין אַרבעט איז אָן הענט?
[10] וויי, דער וואָס זאָגט צו דעם פאָטער:
נאָך וואָס מאַכסטו געבערן?
און צו דער פרוי:
נאָך וואָס האָסטו וויען?

[11] אַזוי האָט גאָט געזאָגט,
דער הייליקער פון ישׂראל און זיין באַשעפער:
פרעגט מיך דאָס קומעדיקע,
באַפעלט מיר וועגן מיינע קינדער
און וועגן דעם ווערק פון מיינע הענט.
[12] איך האָב געמאַכט די ערד,
און דעם מענטשן אויף איר באַשאַפן;
איך—מיינע הענט האָבן אויסגעצויגן די הימלען,
און זייער גאַנצן חיל האָב איך באַפוילן.
[13] איך האָב אים דערוועקט מיט גערעכטיקייט,
און אַלע וויינע וועגן וועל איך אויסגלייכן;
ער וועט בויען מיין שטאָט,
און מיינע פאַרטריבענע וועט ער אַרויסלאָזן,
ניט אום געצאָלט, און ניט אום שוחד,
זאָגט גאָט פון צבֿאות.

[14] אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
די מי פון מִצרַיִם, און דער מסחר פון כּוש,
און די סבָאים, די ווּקסיקע לייט,
וועלן איבערגיין צו דיר, און דיינע וועלן זיי ווערן;
הינטער דיר וועלן זיי גיין,
אין קייטן וועלן זיי אַריבערקומען,
און בוקן וועלן זיי זיך צו דיר;
בעטן וועלן זיי זיך ביי דיר:
נאָר ביי דיר איז גאָט, און מער איז ניטאָ;
ניט פאַראַן נאָך אַ גאָט.

[15] פאַרוואָר, ביסט אַ גאָט וואָס פאַרבאָרגט זיך,
גאָט פון ישׂראל, דו העלפער.

[16] פאַרשעמט און אויך צו שאַנד ווערן זיי אַלע,
מיט שאַנד גייען אַוועק אין איינעם
אַלע מיינסטערס פון געצנבילדער.
[17] ישׂראל ווערט געהאָלפן פון גאָט
אַן אייביקע הילף;
איר וועט ניט פאַרשעמט און ניט צו שאַנד ווערן
ביז אייביקאייביקייטן.

[18] וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער באַשעפער פון די הימלען,
ער, גאָט, וואָס האָט געפורעמט די ערד און זי געמאַכט;
ער וואָס האָט זי אויפגעשטעלט,
ניט פאַר אַ וויסטעניש זי באַשאַפן,
נאָר צום וווינען זי געפורעמט:
איך בין יהוה, און מער איז ניטאָ.
[19] ניט אין פאַרבאָרגעניש האָב איך גערעדט,
אין אַן אָרט פון פינצטערלאַנד;
איך האָב ניט געזאָגט צו דעם זאָמען פון יעקב:
אין וויסטעניש זוכט מיך;
איך יהוה רעד גערעכטיקייט,
זאָג אָן די ריכטיקייט.
[20] זאַמלט אייך אַיין און קומט, גענענט אין איינעם,
איר אַנטרונענע פון די פעלקער;
אָן פאַרשטאַנד זיינען די וואָס טראָגן זייער האָלצגעשניץ,

אונ טוען תפילה צו אַ גאָט וואָס העלפט ניט.
21 זאָגט אָן, און מאַכט זיי גענענען,
און לאָמען האַלטן אַן עצה אין איינעם:
ווער האָט דאָס געלאָזט הערן פון פאַרצייטן,
פון לאַנג אָן דאָס אָנגעזאָגט?
פאַרוואָר, איך יהוה,
און ניטאָ מער קיין גאָט אַחוץ מיר,
אַ גאָט אַ גערעכטער און אַ העלפער;
ניטאָ אויסער מיר.
22 קערט אַייך צו מיר, און ווערט געהאָלפן,
אַלע עקן פון דער ערד;
וואָרום איך בין גאָט, און מער איז ניטאָ.
23 איך האָב געשוואָרן בײַ מיר:
אַ וואָרט איז אַרויס פון מײַן מויל אין גערעכטיקייט,
און וועט זיך ניט אומקערן,
אַז צו מיר זאָל זיך בייגן יעטוועדער קני,
זאָל שווערן יעטוועדער צונג.
24 נאָר אין יהוה—וועט מען זאָגן—
איז מיר גערעכטיקייט און שטאַרקייט;
צו אים וועלן קומען און זיך שעמען
אַלע וואָס זײַנען אָנגעצונדן אויף אים.
25 דורך גאָט וועט גערעכט ווערן און זיך רימען
דער גאַנצער זאָמען פון ישׂראל.

# מו

1 געקניט איז בֵּל, געבויגן איז נבו;
זייערע געצן זײַנען אויף בהמות און אויף לאַסטפי;
די וואָס איר פלעגט זיך אומטראָגן מיט זיי,
זײַנען אויפגעלאָדן, אַ משׂא אויף מידע בהמות.
2 זיי זײַנען געבויגן, געקניט אין איינעם;
זיי[א] האָבן ניט געקענט ראַטעווען די משׂא,
און זיי אַליין זײַנען אין געפאַנגענשאַפט אַוועק.

3 הערט מיר צו, איר הויז פון יעקב,
און דער גאַנצער איבערבלײַב פון הויז ישׂראל,
איר געפּעסטעטע פון מוטערלײַב,
איר געטראָגענע פון געבערמוטער:
4 אַפילו ביז עלטער בין איך דער אייגענער,
און ביז גראָע האָר וועל איך טראָגן;
איך האָב געמאַכט, און איך וועל טראָגן,
און איך וועל אויף זיך נעמען און וועל ראַטעווען.

5 צו וועמען ווילט איר מיך צוגלײַכן און גלײַכשטעלן,
און מיך פאַרגלײַכן, אַז מיר זאָלן גלײַך זײַן?
6 איר וואָס שיט גאָלד פון בײַטל,
און וועגט זילבער אויפן וואָגשטאַנג;
וואָס דינגט אַ שמעלצער ער זאָל דערפון מאַכן אַ גאָט,
מע זאָל זיך קניען און בוקן.
7 מע נעמט אים אויפן אַקסל, מע טראָגט אים,
און מע שטעלט אים אַוועק אויף זײַן פּלאַץ,
און ער שטייט, ער רירט זיך ניט פון זײַן אָרט;
אַפילו עמיצער שרײַט צו אים, ענטפערט ער ניט,
פון זײַן נויט טוט ער ניט העלפן.

8 געדענקט דאָס, און מינטערט אײַך אויף,
נעמט, איר פאַרברעכער, צום האַרצן.

[א] די דינער פון די אָפּגעטער.

כא אֱל־אֵל לֹא יוֹשִׁיעַ׃ הַגִּידוּ וְהַגִּישׁוּ אַף יִוָּעֲצוּ יַחְדָּו מִי
הִשְׁמִיעַ זֹאת מִקֶּדֶם מֵאָז הִגִּידָהּ הֲלוֹא אֲנִי יְהוָה וְאֵין
כב עוֹד אֱלֹהִים מִבַּלְעָדַי אֵל־צַדִּיק וּמוֹשִׁיעַ אַיִן זוּלָתִי׃ פְּנוּ
כג אֵלַי וְהִוָּשְׁעוּ כָּל־אַפְסֵי־אָרֶץ כִּי אֲנִי־אֵל וְאֵין עוֹד׃ בִּי
נִשְׁבַּעְתִּי יָצָא מִפִּי צְדָקָה דָּבָר וְלֹא יָשׁוּב כִּי־לִי תִּכְרַע
כד כָּל־בֶּרֶךְ תִּשָּׁבַע כָּל־לָשׁוֹן׃ אַךְ בַּיהוָה לִי אָמַר צְדָקוֹת
כה וָעֹז עָדָיו יָבוֹא וְיֵבֹשׁוּ כֹּל הַנֶּחֱרִים בּוֹ׃ בַּיהוָה יִצְדְּקוּ
וְיִתְהַלְלוּ כָּל־זֶרַע יִשְׂרָאֵל׃

מו

א כָּרַע בֵּל קֹרֵס נְבוֹ הָיוּ עֲצַבֵּיהֶם לַחַיָּה וְלַבְּהֵמָה
ב נְשֻׂאֹתֵיכֶם עֲמוּסוֹת מַשָּׂא לַעֲיֵפָה׃ קָרְסוּ כָרְעוּ יַחְדָּו לֹא
ג יָכְלוּ מַלֵּט מַשָּׂא וְנַפְשָׁם בַּשְּׁבִי הָלָכָה׃ שִׁמְעוּ
אֵלַי בֵּית יַעֲקֹב וְכָל־שְׁאֵרִית בֵּית יִשְׂרָאֵל הַעֲמֻסִים מִנִּי־
ד בֶטֶן הַנְּשֻׂאִים מִנִּי־רָחַם׃ וְעַד־זִקְנָה אֲנִי הוּא וְעַד־שֵׂיבָה
אֲנִי אֶסְבֹּל אֲנִי עָשִׂיתִי וַאֲנִי אֶשָּׂא וַאֲנִי אֶסְבֹּל וַאֲמַלֵּט׃
ה ו לְמִי תְדַמְּיוּנִי וְתַשְׁווּ וְתַמְשִׁלוּנִי וְנִדְמֶה׃ הַזָּלִים
זָהָב מִכִּיס וְכֶסֶף בַּקָּנֶה יִשְׁקֹלוּ יִשְׂכְּרוּ צוֹרֵף וְיַעֲשֵׂהוּ
ז אֵל יִסְגְּדוּ אַף־יִשְׁתַּחֲווּ׃ יִשָּׂאֻהוּ עַל־כָּתֵף יִסְבְּלֻהוּ וְיַנִּיחֻהוּ
תַחְתָּיו וְיַעֲמֹד מִמְּקוֹמוֹ לֹא יָמִישׁ אַף־יִצְעַק אֵלָיו וְלֹא
ח יַעֲנֶה מִצָּרָתוֹ לֹא יוֹשִׁיעֶנּוּ׃ זִכְרוּ־זֹאת וְהִתְאֹשָׁשׁוּ
ט הָשִׁיבוּ פוֹשְׁעִים עַל־לֵב׃ זִכְרוּ רִאשֹׁנוֹת מֵעוֹלָם כִּי אָנֹכִי
י אֵל וְאֵין עוֹד אֱלֹהִים וְאֶפֶס כָּמוֹנִי׃ מַגִּיד מֵרֵאשִׁית
אַחֲרִית וּמִקֶּדֶם אֲשֶׁר לֹא־נַעֲשׂוּ אֹמֵר עֲצָתִי תָקוּם וְכָל־
יא חֶפְצִי אֶעֱשֶׂה׃ קֹרֵא מִמִּזְרָח עַיִט מֵאֶרֶץ מֶרְחָק אִישׁ
עֲצָתוֹ אַף־דִּבַּרְתִּי אַף־אֲבִיאֶנָּה יָצַרְתִּי אַף־אֶעֱשֶׂנָּה׃
יב יג שִׁמְעוּ אֵלַי אַבִּירֵי לֵב הָרְחוֹקִים מִצְּדָקָה׃ קֵרַבְתִּי צִדְקָתִי
לֹא תִרְחָק וּתְשׁוּעָתִי לֹא תְאַחֵר וְנָתַתִּי בְצִיּוֹן תְּשׁוּעָה
לְיִשְׂרָאֵל תִּפְאַרְתִּי׃

מה, כד׳ סבירין יבאו    מו, יא׳ עצתו ק    יג׳ קמץ בז״ק

9 געדענקט דאָס פריערדיקע פון אייביק אָן:
אַז איך בין גאָט, און מער איז ניטאָ,
גאָט, און נישטאָ מײַן גלײַכן.
10 איך זאָג אָן פון אָנהייב דעם סוף,
און פון פאַרצײַטן, וואָס איז נאָך ניט געשען;
איך זאָג: מײַן באַראָט זאָל באַשטיין,
און אַל מײַן באַגער וועל איך טאָן.
11 איך רוף פון מזרח דעם רויבפויגל,
פון אַ ווײַטן לאַנד דעם מאַן פון מײַן באַראָט;
יאָ, איך האָב גערעדט, און איך וועל עס ברענגען,
איך האָב באַשערט, און איך וועל עס טאָן.

12 הערט מיר צו, איר שטאַרקהאַרציקע,
וואָס שפּירט זיך ווײַט פון גערעכטיקייט:
13 איך דערנען מײַן גערעכטיקייט, זי איז ניט ווײַט,
און מײַן ישועה וועט ניט זאַמען;
און איך וועל געבן אין ציון אַ ישועה
פאַר ישׂראל מײַן צירונג.

מז

א רְדִי ׀ וּשְׁבִי עַל־עָפָר בְּתוּלַת בַּת־בָּבֶל שְׁבִי־לָאָרֶץ אֵין
כִּסֵּא בַּת־כַּשְׂדִּים כִּי לֹא תוֹסִיפִי יִקְרְאוּ־לָךְ רַכָּה וַעֲנֻגָּה׃
ב קְחִי רֵחַיִם וְטַחֲנִי קָמַח גַּלִּי צַמָּתֵךְ חֶשְׂפִּי־שֹׁבֶל גַּלִּי־שׁוֹק
ג עִבְרִי נְהָרוֹת׃ תִּגָּל עֶרְוָתֵךְ גַּם תֵּרָאֶה חֶרְפָּתֵךְ נָקָם אֶקָּח
ד וְלֹא אֶפְגַּע אָדָם׃ גֹּאֲלֵנוּ יְהוָה צְבָאוֹת שְׁמוֹ קְדוֹשׁ
ה יִשְׂרָאֵל׃ שְׁבִי דוּמָם וּבֹאִי בַחֹשֶׁךְ בַּת־כַּשְׂדִּים כִּי לֹא
ו תוֹסִיפִי יִקְרְאוּ־לָךְ גְּבֶרֶת מַמְלָכוֹת׃ קָצַפְתִּי עַל־עַמִּי
חִלַּלְתִּי נַחֲלָתִי וָאֶתְּנֵם בְּיָדֵךְ לֹא־שַׂמְתְּ לָהֶם רַחֲמִים עַל־
ז זָקֵן הִכְבַּדְתְּ עֻלֵּךְ מְאֹד׃ וַתֹּאמְרִי לְעוֹלָם אֶהְיֶה גְבָרֶת
עַד לֹא־שַׂמְתְּ אֵלֶּה עַל־לִבֵּךְ לֹא זָכַרְתְּ אַחֲרִיתָהּ׃
ח וְעַתָּה שִׁמְעִי־זֹאת עֲדִינָה הַיּוֹשֶׁבֶת לָבֶטַח הָאֹמְרָה בִּלְבָבָהּ
אֲנִי וְאַפְסִי עוֹד לֹא אֵשֵׁב אַלְמָנָה וְלֹא אֵדַע שְׁכוֹל׃
ט וְתָבֹאנָה לָּךְ שְׁתֵּי־אֵלֶּה רֶגַע בְּיוֹם אֶחָד שְׁכוֹל וְאַלְמֹן
כְּתֻמָּם בָּאוּ עָלַיִךְ בְּרֹב כְּשָׁפַיִךְ בְּעָצְמַת חֲבָרַיִךְ מְאֹד׃
י וַתִּבְטְחִי בְרָעָתֵךְ אָמַרְתְּ אֵין רֹאָנִי חָכְמָתֵךְ וְדַעְתֵּךְ הִיא
יא שׁוֹבְבָתֶךְ וַתֹּאמְרִי בְלִבֵּךְ אֲנִי וְאַפְסִי עוֹד׃ וּבָא עָלַיִךְ
רָעָה לֹא תֵדְעִי שַׁחְרָהּ וְתִפֹּל עָלַיִךְ הֹוָה לֹא תוּכְלִי כַּפְּרָהּ
יב וְתָבֹא עָלַיִךְ פִּתְאֹם שׁוֹאָה לֹא תֵדָעִי׃ עִמְדִי־נָא בַחֲבָרַיִךְ
וּבְרֹב כְּשָׁפַיִךְ בַּאֲשֶׁר יָגַעַתְּ מִנְּעוּרָיִךְ אוּלַי תּוּכְלִי הוֹעִיל
יג אוּלַי תַּעֲרוֹצִי׃ נִלְאֵית בְּרֹב עֲצָתָיִךְ יַעַמְדוּ־נָא וְיוֹשִׁיעֻךְ
הֹבְרוּ שָׁמַיִם הַחֹזִים בַּכּוֹכָבִים מוֹדִיעִם לֶחֳדָשִׁים מֵאֲשֶׁר
יד יָבֹאוּ עָלָיִךְ׃ הִנֵּה הָיוּ כְקַשׁ אֵשׁ שְׂרָפָתַם לֹא־יַצִּילוּ אֶת־
נַפְשָׁם מִיַּד לֶהָבָה אֵין־גַּחֶלֶת לַחְמָם אוּר לָשֶׁבֶת נֶגְדּוֹ׃
טו כֵּן הָיוּ־לָךְ אֲשֶׁר יָגָעַתְּ סֹחֲרַיִךְ מִנְּעוּרַיִךְ אִישׁ לְעֶבְרוֹ
תָּעוּ אֵין מוֹשִׁיעֵךְ׃

---

א׳ מלרע  ג׳ קמץ בז״ק  ה׳ מלרע  יג׳ הטיק

# מז

[1] נידער אַראָפּ און זיץ אין שטויב
יונגפרוי טאָכטער בָּבל;
זיץ אויף דער ערד אָן אַ טראָן,
טאָכטער פון כַּשׂדים;
וואָרום מער וועט מען דיך ניט רופן
איידעלע און פאַרצערטלטע.
[2] נעם אַ זשאָרנע, און מאָל מעל;
דעק אָפּ דיין שלייער,
הייב אויף די שלעפּ,
אַנטפּלעק די היפּט,
גיי טייכן אַריבער.
[3] אָפּגעדעקט וועט ווערן דיין נאַקעטקייט,
אויך געזען ווערן וועט דיין שאַנד;
נקמה וועל איך נעמען,
און ניט לאָזן אַ מענטשן זיך אָפּבעטן.
[4] אונדזער אויסלייזער—יהוה פון צבָאוֹת איז זיין נאָמען,
דער הייליקער פון ישׂראל.
[5] זיץ שטיל, און גיי אַריין אין פינצטערניש,
טאָכטער פון כַּשׂדים,
וואָרום מער וועט מען דיך ניט רופן
האַרינטע פון קיניגרייכן.
[6] איך האָב געצערנט אויף מיין פאָלק,
איך האָב פאַרשוועכט מיין אַרבּ[א],
און זיי געגעבן אין דיין האַנט;
האָסטו זיי קיין רחמנות ניט געשענקט,
אויף אַ זקן האָסטו באַשווערט דיין יאָך ביז גאָר.
[7] און האָסט געזאָגט:
אויף אייביק וועל איך אַ האַרינטע זיין;
אַזוי אַז דו האָסט דאָס ניט גענומען צום האַרצן,
ניט געדאַכט אָן דעם סוף דערפון.

[8] און אַצונד הער דאָס צו, דו ווילטאָגערין,
וואָס זיצט אין זיכערקייט,
וואָס זאָגט אין איר האַרצן:
איך, און חוץ מיר איז ניטאָ מער.
איך וועל ניט זיצן אַן אַלמנה,
און ניט וויסן פון בלייבן אָן קינדער:
[9] אָבער דידאָזיקע ביידע וועלן קומען אויף דיר
אין אַ רגע אין איין טאָג:
בלייבן אָן קינדער און אַלמנהשאַפט;
אין זייער פולער מאָס קומען זיי אויף דיר,
ביי אַל דיינע פיל כּישופן,
ביי אַלדער גרויס שטאַרקייט פון דיינע שפּרוכן.
[10] און ביסט געווען זיכער אין דיין שלעכטיקייט,
האָסט געזאָגט: קיינער זעט מיך ניט;
דיין חכמה און דיין קענשאַפט,
זי האָט דיך פאַרפירט;
און האָסט געזאָגט אין דיין האַרצן:
איך, און חוץ מיר איז ניטאָ מער.
[11] אָבער קומען וועט אויף דיר אַ בּיין
וואָס דו וועסט ניט וויסן ווי עס אָפּצושפּרעכן,
און אָנפאַלן וועט אויף דיר אַ בראָך
וואָס דו וועסט אים ניט קענען אָפּטאָן,
און קומען וועט אויף דיר פּלוצלינג אַ פאַרוויסטונג,
אַז דו וועסט גאָר ניט מערקן.
[12] שטיי אַקאָרשט אויף מיט דיינע שפּרוכן,
און מיט דיינע פיל כּישופן,
אויף וואָס דו האָסט זיך געמיט פון דיין יוגנט אָן;
אפשר וועסטו קענען נוצן,
אפשר וועסטו אָנשרעקן.
[13] ביסט מיד פון דיינע פיל עצות;
זאָלן די הימלקוקער, די שטערנזעער,
די פאַרויסזאָגער פון די חדשים,
אַקאָרשט אויפשטיין און דיך העלפן
פון די וואָס וועלן קומען אויף דיר.
[14] זע, זיי ווערן אַזוי ווי שטרוי,
אַ פייער טוט זיי פאַרברענען,
זיי וועלן זיך אַליין ניט מציל זיין
פון דער מאַכט פון דער פלאַם;
ניט אַ קויל זיך צו וואַרעמען וועט עס זיין—
אַ פייער צו זיצן פאַר אים.
[15] אַזוי ווערן צו דיר
די וואָס דו האָסט זיך געמיט אום זיי;
די וואָס האָבן געהאַנדלט מיט דיר פון דיין יוגנט אָן,
וואַנדערן איטלעכער אין זיין זייט,
קיינער העלפט דיך ניט.

[א] וואָרטשפּיל: חִלַּלְתִּי נַחֲלָתִי.

## מח

א שִׁמְעוּ־זֹאת בֵּית־יַעֲקֹב הַנִּקְרָאִים בְּשֵׁם יִשְׂרָאֵל וּמִמֵּי
יְהוּדָה יָצָאוּ הַנִּשְׁבָּעִים ׀ בְּשֵׁם יְהוָה וּבֵאלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
ב יַזְכִּירוּ לֹא בֶאֱמֶת וְלֹא בִצְדָקָה׃ כִּי־מֵעִיר הַקֹּדֶשׁ נִקְרָאוּ
וְעַל־אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל נִסְמָכוּ יְהוָה צְבָאוֹת שְׁמוֹ׃
ג הָרִאשֹׁנוֹת מֵאָז הִגַּדְתִּי וּמִפִּי יָצְאוּ וְאַשְׁמִיעֵם פִּתְאֹם
ד עָשִׂיתִי וַתָּבֹאנָה׃ מִדַּעְתִּי כִּי קָשֶׁה אָתָּה וְגִיד בַּרְזֶל עָרְפֶּךָ
ה וּמִצְחֲךָ נְחוּשָׁה׃ וָאַגִּיד לְךָ מֵאָז בְּטֶרֶם תָּבוֹא הִשְׁמַעְתִּיךָ
ו פֶּן־תֹּאמַר עָצְבִּי עָשָׂם וּפִסְלִי וְנִסְכִּי צִוָּם׃ שָׁמַעְתָּ חֲזֵה
כֻּלָּהּ וְאַתֶּם הֲלוֹא תַגִּידוּ הִשְׁמַעְתִּיךָ חֲדָשׁוֹת מֵעַתָּה וּנְצֻרוֹת
ז וְלֹא יְדַעְתָּם׃ עַתָּה נִבְרְאוּ וְלֹא מֵאָז וְלִפְנֵי־יוֹם וְלֹא שְׁמַעְתָּם
ח פֶּן־תֹּאמַר הִנֵּה יְדַעְתִּין׃ גַּם לֹא־שָׁמַעְתָּ גַּם לֹא יָדַעְתָּ גַּם
מֵאָז לֹא־פִתְּחָה אָזְנֶךָ כִּי יָדַעְתִּי בָּגוֹד תִּבְגּוֹד וּפֹשֵׁעַ מִבֶּטֶן
ט קֹרָא לָךְ׃ לְמַעַן שְׁמִי אַאֲרִיךְ אַפִּי וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם־לָךְ
י לְבִלְתִּי הַכְרִיתֶךָ׃ הִנֵּה צְרַפְתִּיךָ וְלֹא בְכָסֶף בְּחַרְתִּיךָ
יא בְּכוּר עֹנִי׃ לְמַעֲנִי לְמַעֲנִי אֶעֱשֶׂה כִּי אֵיךְ יֵחָל וּכְבוֹדִי לְאַחֵר
יב לֹא־אֶתֵּן׃ שְׁמַע אֵלַי יַעֲקֹב וְיִשְׂרָאֵל מְקֹרָאִי אֲנִי־הוּא
יג אֲנִי רִאשׁוֹן אַף אֲנִי אַחֲרוֹן׃ אַף־יָדִי יָסְדָה אֶרֶץ וִימִינִי
יד טִפְּחָה שָׁמָיִם קֹרֵא אֲנִי אֲלֵיהֶם יַעַמְדוּ יַחְדָּו׃ הִקָּבְצוּ כֻלְּכֶם
וּשֲׁמָעוּ מִי בָהֶם הִגִּיד אֶת־אֵלֶּה יְהוָה אֲהֵבוֹ יַעֲשֶׂה חֶפְצוֹ
טו בְּבָבֶל וּזְרֹעוֹ כַּשְׂדִּים׃ אֲנִי אֲנִי דִּבַּרְתִּי אַף־קְרָאתִיו הֲבִיאֹתִיו
טז וְהִצְלִיחַ דַּרְכּוֹ׃ קִרְבוּ אֵלַי שִׁמְעוּ־זֹאת לֹא מֵרֹאשׁ בַּסֵּתֶר
דִּבַּרְתִּי מֵעֵת הֱיוֹתָהּ שָׁם אָנִי וְעַתָּה אֲדֹנָי יְהוִה שְׁלָחַנִי
יז וְרוּחוֹ׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה גֹּאַלְךָ קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל אֲנִי יְהוָה
יח אֱלֹהֶיךָ מְלַמֶּדְךָ לְהוֹעִיל מַדְרִיכֲךָ בְּדֶרֶךְ תֵּלֵךְ׃ לוּא
הִקְשַׁבְתָּ לְמִצְוֹתָי וַיְהִי כַנָּהָר שְׁלוֹמֶךָ וְצִדְקָתְךָ כְּגַלֵּי הַיָּם׃
יט וַיְהִי כַחוֹל זַרְעֶךָ וְצֶאֱצָאֵי מֵעֶיךָ כִּמְעֹתָיו לֹא־יִכָּרֵת וְלֹא־

ב׳ קמץ מיק

## מח

1 הערט דאָס צו, איר הויז פון יעקב,
די וואָס ווערן גערופן מיטן נאָמען ישׂראל,
און פון קוואַל פון יהודה זיינען זיי אַרויס;
וואָס שווערן ביים נאָמען יהוה,
און דעם גאָט פון ישׂראל דערמאָנען זיי—
ניט מיט אמת, און ניט מיט גערעכטיקייט.
2 וואָרום אויף דער הייליקער שטאָט רופן זיי זיך,
און אויף דעם גאָט פון ישׂראל לענען זיי זיך,
וואָס יהוה פון צבָאות איז זיין נאָמען.
3 דאָס פריערדיקע האָב איך פון אַמאָל אָנגעזאָגט,
און פון מיין מויל איז עס אַרויס,
און איך האָב עס געלאָזט הערן;
פּלוצים האָב איך געטאָן, און עס איז געשען.
4 ווייל איך האָב געוווּסט אַז האַרט ביסטו,
און אַן אַייזערנער אָדער איז דיין נאַקן,
און דיין שטערן איז קופּער;
5 דרום האָב איך דיר אָנגעזאָגט פון אַמאָל,
איידער עס איז געקומען, האָב איך דיך געלאָזט הערן;
כּדי זאָלסט ניט זאָגן: מיין געץ האָט עס געטאָן,
און מיין געשניצט און מיין געגאָסן בילד האָט עס באַפוילן.
6 האָסט געהערט, זע, אַלדאָסדאָזיקע,
און איר וועט עס דאָך צוגעבן;
איך האָב דיך געלאָזט הערן נייסן אַצונד,
און פאַרבאָרגנס וואָס דו האָסט ניט געוווּסט.
7 אַצונד איז עס באַשאַפן געוואָרן, און ניט פון אַמאָל,
און אַ טאָג פריער האָסטו פון דעם ניט געהערט;
כּדי זאָלסט ניט זאָגן: זע, איך האָב עס געוווּסט.
8 ניט צומאָל געהערט האָסטו, ניט צומאָל געוווּסט האָסטו,
ניט צומאָל געעפנט האָט זיך דיין אויער פון אַמאָל;
וואָרום איך האָב געוווּסט אַז פעלשן וועסטו פעלשן,
און פאַרברעכער פון מוטערלייב האָט מען דיך גערופן.
9 פון מיין נאָמען וועגן וועל איך אַיינהאַלטן מיין צאָרן,
פון מיין לויב וועגן וועל איך מיך צאַמען קעגן דיר,
כּדי דיך ניט צו פאַרשניידן.
10 זע, איך האָב דיך געלייטערט, אָבער ניט ווי זילבער,
איך האָב דיך געפּרוּווט אין שמעלצאויוון פון פּיין.
11 פון מיינעטוועגן, פון מיינעטוועגן וועל איך טאָן;
וואָרום ווי זאָל [מיין נאָמען] פאַרשוועכט ווערן?
און מיין כּבוד וועל איך קיין אַנדערן ניט געבן.

12 הער מיר צו, יעקב,
און ישׂראל מיין גערופענער:
איך בין דאָס; איך בין דער ערשטער,
איך בין אויך דער לעצטער.
13 יאָ, מיין האַנט האָט געגרונטפעסט די ערד,
און מיין רעכטע האָט אויסגעשפּרייט די הימלען;
איך רוף צו זיי,
שטעלן זיי זיך אויף אין איינעם.
14 זאַמלט אַייך אַיין, איר אַלע, און הערט:
ווער צווישן זיי האָט פאַרויסגעזאָגט דאָסדאָזיקע?
דער וואָס גאָט האָט אים ליב, וועט טאָן זיין באַגער אין
בָּבל,
און זיין אָרעם וועט זיין אויף די כַּשׂדים.
15 איך, איך האָב גערעדט, און האָב אים גערופן,
אים געבראַכט, און ער וועט באַגליקן אויף זיין וועג.

16 גענענט צו מיר, הערט דאָס צו:
פון אָנהייב אָן האָב איך ניט אין פאַרבאָרגעניש גערעדט,
פון זינט עס געשעט בין איך דערביי;
און אַצונד האָט גאָט דער האַר מיך געשיקט מיט זיין גייסט.
17 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דיין אויסלייזער,
דער הייליקער פון ישׂראל.
איך, יהוה דיין גאָט, לערן דיך צו נוץ,
פיר דיך אויף דעם וועג וואָס דו זאָלסט גיין.
18 הלוואַי וואָלסטו פאַרנומען מיינע געבאָט,
וואָלט געווען ווי אַ טייך דיין פרייד,
און דיין הילף ווי די אינדן פון ים;
19 און געווען ווי זאַמד וואָלט דיין זאָמען,
און די שפּראָצן פון דיין לייב ווי זיינע קערנער[א];

[א] וואָרטשפּיל: מֵעֶיךָ כִּמְעֹתָיו.

כ יִשָּׁמֵד שְׁמוֹ מִלְּפָנָי׃ צְאוּ מִבָּבֶל בִּרְחוּ מִכַּשְׂדִּים
בְּקוֹל רִנָּה הַגִּידוּ הַשְׁמִיעוּ זֹאת הוֹצִיאוּהָ עַד־קְצֵה הָאָרֶץ
כא אִמְרוּ גָּאַל יְהוָה עַבְדּוֹ יַעֲקֹב׃ וְלֹא צָמְאוּ בָּחֳרָבוֹת הוֹלִיכָם
כב מַיִם מִצּוּר הִזִּיל לָמוֹ וַיִּבְקַע־צוּר וַיָּזֻבוּ מָיִם׃ אֵין שָׁלוֹם
אָמַר יְהוָה לָרְשָׁעִים׃

## מט

א שִׁמְעוּ אִיִּים אֵלַי וְהַקְשִׁיבוּ לְאֻמִּים מֵרָחוֹק יְהוָה מִבֶּטֶן
ב קְרָאָנִי מִמְּעֵי אִמִּי הִזְכִּיר שְׁמִי׃ וַיָּשֶׂם פִּי כְּחֶרֶב חַדָּה
בְּצֵל יָדוֹ הֶחְבִּיאָנִי וַיְשִׂימֵנִי לְחֵץ בָּרוּר בְּאַשְׁפָּתוֹ הִסְתִּירָנִי׃
ג ד וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי־אָתָּה יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־בְּךָ אֶתְפָּאָר׃ וַאֲנִי
אָמַרְתִּי לְרִיק יָגַעְתִּי לְתֹהוּ וְהֶבֶל כֹּחִי כִלֵּיתִי אָכֵן מִשְׁפָּטִי
ה אֶת־יְהוָה וּפְעֻלָּתִי אֶת־אֱלֹהָי׃ וְעַתָּה | אָמַר יְהוָה
יֹצְרִי מִבֶּטֶן לְעֶבֶד לוֹ לְשׁוֹבֵב יַעֲקֹב אֵלָיו וְיִשְׂרָאֵל לֹא
ו יֵאָסֵף וְאֶכָּבֵד בְּעֵינֵי יְהוָה וֵאלֹהַי הָיָה עֻזִּי׃ וַיֹּאמֶר נָקֵל
מִהְיוֹתְךָ לִי עֶבֶד לְהָקִים אֶת־שִׁבְטֵי יַעֲקֹב וּנְצִירֵי יִשְׂרָאֵל
לְהָשִׁיב וּנְתַתִּיךָ לְאוֹר גּוֹיִם לִהְיוֹת יְשׁוּעָתִי עַד־קְצֵה
ז הָאָרֶץ׃ כֹּה אָמַר־יְהוָה גֹּאֵל יִשְׂרָאֵל קְדוֹשׁוֹ לִבְזֹה־
נֶפֶשׁ לִמְתָעֵב גּוֹי לְעֶבֶד מֹשְׁלִים מְלָכִים יִרְאוּ וָקָמוּ שָׂרִים
וְיִשְׁתַּחֲווּ לְמַעַן יְהוָה אֲשֶׁר נֶאֱמָן קְדֹשׁ יִשְׂרָאֵל וַיִּבְחָרֶךָּ׃
ח כֹּה | אָמַר יְהוָה בְּעֵת רָצוֹן עֲנִיתִיךָ וּבְיוֹם יְשׁוּעָה
עֲזַרְתִּיךָ וְאֶצָּרְךָ וְאֶתֶּנְךָ לִבְרִית עָם לְהָקִים אֶרֶץ לְהַנְחִיל
ט נְחָלוֹת שֹׁמֵמוֹת׃ לֵאמֹר לַאֲסוּרִים צֵאוּ לַאֲשֶׁר בַּחֹשֶׁךְ
י הִגָּלוּ עַל־דְּרָכִים יִרְעוּ וּבְכָל־שְׁפָיִים מַרְעִיתָם׃ לֹא יִרְעָבוּ
וְלֹא יִצְמָאוּ וְלֹא־יַכֵּם שָׁרָב וָשָׁמֶשׁ כִּי־מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם
יא וְעַל־מַבּוּעֵי מַיִם יְנַהֲלֵם׃ וְשַׂמְתִּי כָל־הָרַי לַדָּרֶךְ וּמְסִלֹּתַי
יב יְרֻמוּן׃ הִנֵּה־אֵלֶּה מֵרָחוֹק יָבֹאוּ וְהִנֵּה־אֵלֶּה מִצָּפוֹן וּמִיָּם
יג וְאֵלֶּה מֵאֶרֶץ סִינִים׃ רָנּוּ שָׁמַיִם וְגִילִי אָרֶץ יִפְצְחוּ הָרִים

---

מט, ה׳ לו קרי ו׳ ונצורי ק ז׳ כצ״ל י׳ קמץ מ״ק יג׳ קמץ מ״ק ופצחו קרי

ניט פאַרשניטן און ניט פאַרטיליקט
וואָלט ווערן זיין נאָמען פון פאַר מיר.

20 גייט אַרויס פון בָבל,
אַנטלויפט פון די כַשׂדים,
מיט אַ קָול פון געזאַנג;
זאָגט אָן, מאַכט דאָס הערן,
טראָגט עס פאַנאַנדער
ביז צום עק פון דער ערד;
זאָגט: גאָט האָט אויסגעלייזט
יעקב זיין קנעכט.
21 און זיי האָבן ניט געדאָרשט
ווען ער האָט זיי דורך וויסטענישן געפירט;
וואַסער פון פעלז
האָט ער געמאַכט רינען פאַר זיי;
יאָ, אַ פעלז האָט ער געשפּאָלטן,
און וואַסער האָט געפלאָסן.

22 ניטאָ קיין שלום, זאָגט גאָט,
פאַר די רשעים.

# מט

1 הערט מיר צו, איר אינדזלען,
און פאַרנעמט, איר פעלקער פון דער ווייט:
גאָט־האָט מיך פון טראַכט גערופן,
פון מיין מוטערס לייב האָט ער מיין נאָמען דערמאָנט.
2 און ער האָט געמאַכט מיין מויל ווי אַ שאַרפע שווערד,
אין שאָטן פון זיין האַנט האָט ער מיך באַהאַלטן;
און ער האָט מיך געמאַכט פאַר אַ בלאַנקער פייל,
אין זיין פיילבייטל האָט ער מיך פאַרבאָרגן.
3 און ער האָט צו מיר געזאָגט: מיין קנעכט ביסטו,
ישׂראל, וואָס איך רים זיך מיט דיר.
און איך האָב געווען געזאָגט: אומנישט האָב איך מיך געמיט,
4 אויף נישט און גיוועץ האָב איך מיין כּוח פאַרלענדט;
אָבער מיין משפּט איז ביי יהוה,
און מיין לוין ביי מיין גאָט.
5 און אַצונד האָט גאָט געזאָגט–
דער וואָס האָט מיך געפורעמט פון טראַכט
פאַר אַ קנעכט צו אים–
אומצוקערן צו זיך יעקב,
און ישׂראל זאָל אייַנגעזאַמלט ווערן צו אים;
און איך בין געאַכט אין די אויגן פון יהוה,
און מיין גאָט איז מיין שטאַרקייט.
6 און ער האָט געזאָגט:
קנאַפּ איז–ווייל דו ביסט מיין קנעכט–
אויפצוריכטן די שטאַמען פון יעקב,
און די צווייגן פון ישׂראל אומצוקערן;
נאָר איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ ליכט פון די פעלקער.
אַז מיין הילף זאָל זיין ביז צום עק פון דער ערד.

7 אַזוי האָט גאָט געזאָגט,
דער אויסלייזער פון ישׂראל, און זיין הייליקער,
צו דעם פאַראַכטן פון מענטשן,
צו דעם פאַראומווערדיקטן פון פעלקער,
צו דעם קנעכט פון געוועלטיקער:
מלכים וועלן זען און וועלן אויפשטיין,
שׂרָרות–און וועלן זיך בוקן,
פון וועגן גאָט וואָס איז געטריי,
דעם הייליקן פון ישׂראל וואָס האָט דיך אויסדערוויילט.

8 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אין צייט פון באַוויליקונג טו איך דיר ענטפערן,
און אין טאָג פון ישועה טו איך דיך העלפן;
און איך וועל דיך היטן, און דיך מאַכן
פאַר אַ בונד מיט די אומות,
כדי אויפצוריכטן דאָס לאַנד,
צו מאַכן אַרבן נחלות פאַרוויסטע;
9 צו זאָגן צו די געפאַנגענע: גייט אַרויס!
צו די וואָס אין פינצטערניש: אַנטפּלעקט אייַך!
ביי די וועגן וועלן זיי זיך פיטערן,
און אויף אַלע הויכע ערטער וועט זיין זייער פיטערונג.
10 זיי וועלן ניט הונגערן און ניט דאָרשטן,
און ניט פּלאָגן וועט זיי היץ און זון,
וואָרום זייער דערבאַרימער וועט זיי באַלייטן,
און ביי קוואַלן וואַסער וועט ער זיי פירן.
11 און איך וועל מאַכן אַלע מיינע בערג פאַר אַ וועג,
און מיינע שטעגן וועלן דערהייכט ווערן.
12 זע, די וועלן קומען פון דער ווייט,
און די־אָ וועלן קומען פון צפון און פון מערב,
און די, פון לאַנד סינים.

13 זינגט, איר הימלען, און פריי זיך, דו ערד,
און ברעכט אויס, איר בערג, אין געזאַנג,

יד רִנָּה כִּֽי־נִחַם יְהוָה עַמּוֹ וַעֲנִיָּו יְרַחֵֽם׃ וַתֹּאמֶר צִיּוֹן
טו עֲזָבַנִי יְהוָה וַאדֹנָי שְׁכֵחָֽנִי׃ הֲתִשְׁכַּח אִשָּׁה עוּלָהּ מֵרַחֵם
טז בֶּן־בִּטְנָהּ גַּם־אֵלֶּה תִשְׁכַּחְנָה וְאָנֹכִי לֹא אֶשְׁכָּחֵֽךְ׃ הֵן עַל־
יז כַּפַּיִם חַקֹּתִיךְ חוֹמֹתַיִךְ נֶגְדִּי תָּמִֽיד׃ מִהֲרוּ בָּנָיִךְ מְהָרְסַיִךְ
יח וּמַחֲרִבַיִךְ מִמֵּךְ יֵצֵֽאוּ׃ שְׂאִֽי־סָבִיב עֵינַיִךְ וּרְאִי כֻּלָּם
נִקְבְּצוּ בָֽאוּ־לָךְ חַי־אָנִי נְאֻם־יְהוָה כִּי כֻלָּם כַּעֲדִי תִלְבָּשִׁי
יט וּתְקַשְּׁרִים כַּכַּלָּֽה׃ כִּי חָרְבֹתַיִךְ וְשֹׁמְמֹתַיִךְ וְאֶרֶץ הֲרִסֻתֵךְ
כ כִּי עַתָּה תֵּצְרִי מִיּוֹשֵׁב וְרָחֲקוּ מְבַלְּעָֽיִךְ׃ עוֹד יֹאמְרוּ בְאָזְנַיִךְ
כא בְּנֵי שִׁכֻּלָיִךְ צַר־לִי הַמָּקוֹם גְּשָׁה־לִּי וְאֵשֵֽׁבָה׃ וְאָמַרְתְּ
בִּלְבָבֵךְ מִי יָֽלַד־לִי אֶת־אֵלֶּה וַאֲנִי שְׁכוּלָה וְגַלְמוּדָה גֹּלָה ׀
וְסוּרָה וְאֵלֶּה מִי גִדֵּל הֵן אֲנִי נִשְׁאַרְתִּי לְבַדִּי אֵלֶּה אֵיפֹה
כב הֵֽם׃ כֹּֽה־אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה הִנֵּה אֶשָּׂא אֶל־גּוֹיִם יָדִי
וְאֶל־עַמִּים אָרִים נִסִּי וְהֵבִיאוּ בָנַיִךְ בְּחֹצֶן וּבְנֹתַיִךְ עַל־כָּתֵף
כג תִּנָּשֶֽׂאנָה׃ וְהָיוּ מְלָכִים אֹֽמְנַיִךְ וְשָׂרֽוֹתֵיהֶם מֵינִיקֹתַיִךְ אַפַּיִם
אֶרֶץ יִשְׁתַּחֲווּ לָךְ וַעֲפַר רַגְלַיִךְ יְלַחֵכוּ וְיָדַעַתְּ כִּֽי־אֲנִי יְהוָה
כד אֲשֶׁר לֹֽא־יֵבֹשׁוּ קֹוָֽי׃ הֲיֻקַּח מִגִּבּוֹר מַלְקוֹחַ וְאִם־שְׁבִי
כה צַדִּיק יִמָּלֵֽט׃ כִּי־כֹה ׀ אָמַר יְהוָה גַּם־שְׁבִי גִבּוֹר יֻקָּח
וּמַלְקוֹחַ עָרִיץ יִמָּלֵט וְאֶת־יְרִיבֵךְ אָנֹכִי אָרִיב וְאֶת־בָּנַיִךְ
כו אָנֹכִי אוֹשִֽׁיעַ׃ וְהַאֲכַלְתִּי אֶת־מוֹנַיִךְ אֶת־בְּשָׂרָם וְכֶעָסִיס
דָּמָם יִשְׁכָּרוּן וְיָדְעוּ כָל־בָּשָׂר כִּי אֲנִי יְהוָה מוֹשִׁיעֵךְ וְגֹאֲלֵךְ
אֲבִיר יַעֲקֹֽב׃

נ

א כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה אֵי זֶה סֵפֶר כְּרִיתוּת אִמְּכֶם אֲשֶׁר שִׁלַּחְתִּיהָ
אוֹ מִי מִנּוֹשַׁי אֲשֶׁר־מָכַרְתִּי אֶתְכֶם לוֹ הֵן בַּעֲוֺנֹֽתֵיכֶם
ב נִמְכַּרְתֶּם וּבְפִשְׁעֵיכֶם שֻׁלְּחָה אִמְּכֶֽם׃ מַדּוּעַ בָּאתִי וְאֵין
אִישׁ קָרָאתִי וְאֵין עוֹנֶה הֲקָצוֹר קָצְרָה יָדִי מִפְּדוּת וְאִם־
אֵין־בִּי כֹחַ לְהַצִּיל הֵן בְּגַעֲרָתִי אַחֲרִיב יָם אָשִׂים נְהָרוֹת

---

מט, יד׳ הפסקת עקב    יח׳ כה׳ קמץ בז״ק

וואָרום גאָט האָט געטרייסט זיין פאָלק,
און זיינע אָרימע טוט ער דערבאַרימען.
14 און ציון האָט געזאָגט: פאַרלאָזן האָט מיך יהוה,
און גאָט האָט פאַרגעסן אָן מיר.
15 קען אַ פרוי פאַרגעסן איר ברוסטקינד,
ניט צו דערבאַרימען דעם זון פון איר לייב?
אַפילו דידאָזיקע זאָלן פאַרגעסן,
וועל איך אָן דיר ניט פאַרגעסן.
16 זע, אויף די האַנטפלעכן האָב איך דיך אויסגעקריצט,
דיינע מויערן זיינען תמיד פאַר מיר.
17 אַייליק קומען דיינע קינדער;
דיינע צעשטערער און דיינע פאַרוויסטער
וועלן אַרויס פון דיר.
18 הייב אויף רונד אַרום דיינע אויגן, און זע:
זיי אַלע זיינען איינגעזאַמלט, און קומען צו דיר.
אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט,
אַז זיי אַלע וועסטו ווי אַ צירונג אָנטאָן,
און וועסט זיי אָנקניפּן אַזוי ווי אַ כלה;
19 וואָרום דיינע חורבות און דיינע וויסטענישן,
און דיין לאַנד דאָס צעשטערטע —
פאַרוואָר, וועסט אַצונד ענג זיין פון וווינער,
און דערווייטערט וועלן זיין דיינע אומברענגער.
20 זאָגן וועלן נאָך אין דיינע אויערן
דיינע אָנגעוואָרענע קינדער:
ענג איז מיר דער אָרט,
טרעט מיר אָפּ, איך זאָל קענען וווינען.
21 און וועסט זאָגן אין דיין האַרצן:
ווער האָט מיר דידאָזיקע געבאָרן?
איך בין געווען אָן קינדער און עלנד,
פאַרטריבן און פאַרוואָגלט;
און דידאָזיקע ווער האָט אויפגעצויגן?
זע, איך בין דאָך געבליבן אַליין,
דידאָזיקע ווו זיינען געווען?

23 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
זע, איך וועל אויפהייבן צו די פעלקער מיין האַנט,
און צו די אומות וועל איך אויפשטעלן מיין פאָן,
און זיי וועלן ברענגען דיינע זין אין בוזעם,
און דיינע טעכטער וועלן אויפן אַקסל געטראָגן ווערן.
23 און מלכים וועלן זיין דיינע דערציער,
און זייערע שׂררותטעס דיינע אַמען;
מיטן פּנים צו דער ערד וועלן זיי זיך בוקן צו דיר,
און דעם שטויב פון דיינע פיס וועלן זיי לעקן;
און וועסט וויסן אַז איך בין יהוה,
וואָס ניט פאַרשעמט ווערן די וואָס האָפן צו מיר.

24 ווערט אַוועקגענומען פון דעם גיבור דער רויב,
צי ווערט דער פאַנג פון דעם זיגער אַנטרונען?
25 פאַרוואָר, אַזוי זאָגט יהוה:
אַפילו דער פאַנג פון דעם גיבור זאָל אַוועקגענומען ווערן,
און דער רויב פון דעם שטאַרקן זאָל אַנטרונען ווערן,
אָבער מיט דיינע קריגער וועל א י ך קריגן,
און דיינע קינדער וועל א י ך העלפן.
26 און איך וועל מאַכן עסן דיינע דריקער זייער פליש,
און ווי טרויבנזאַפט וועלן זיי זייער בלוט שיכורן;
און אַלע לייבער וועלן וויסן אַז איך יהוה בין דיין העלפער,
און דיין אויסלייזער איז דער מאַכטיקער פון יעקב.

נ 1 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
ווו איז דער גט פון אייער מוטער,
אַז איך האָב זי אַוועקגעשיקט?
אָדער ווער איז פון מיינע מאָנער,
וואָס איך האָב אייך פאַרקויפט צו אים?
זעט, איבער אייערע זינד
זייט איר פאַרקויפט געוואָרן,
און איבער אייערע פאַרברעכן
איז אייער מוטער אַוועקגעשיקט געוואָרן.
2 פאַרוואָס בין איך געקומען, און קיין מענטש איז ניט געווען?
גערופן, און קיינער האָט ניט געענטפערט?
איז דען קורץ מיין האַנט אויסצולייזן,
צי ניטאָ קיין כּוח אין מיר, אייך מציל צו זיין?
זעט, מיט מיין אָנגעשריי טריקן איך אויס דעם ים.
איך מאַך פון טייכן אַ מדבר;

מִדְבָּר תִּבְאַשׁ דְּגָתָם מֵאֵין מַיִם וְתָמֹת בַּצָּמָא׃ אַלְבִּישׁ ג
שָׁמַיִם קַדְרוּת וְשַׂק אָשִׂים כְּסוּתָם׃ אֲדֹנָי יְהוִה נָתַן ד
לִי לְשׁוֹן לִמּוּדִים לָדַעַת לָעוּת אֶת־יָעֵף דָּבָר יָעִיר ׀ בַּבֹּקֶר
בַּבֹּקֶר יָעִיר לִי אֹזֶן לִשְׁמֹעַ כַּלִּמּוּדִים׃ אֲדֹנָי יְהוִה פָּתַח ה
לִי אֹזֶן וְאָנֹכִי לֹא מָרִיתִי אָחוֹר לֹא נְסוּגֹתִי׃ גֵּוִי נָתַתִּי ו
לְמַכִּים וּלְחָיַי לְמֹרְטִים פָּנַי לֹא הִסְתַּרְתִּי מִכְּלִמּוֹת וָרֹק׃
וַאדֹנָי יְהוִה יַעֲזָר־לִי עַל־כֵּן לֹא נִכְלָמְתִּי עַל־כֵּן שַׂמְתִּי ז
פָנַי כַּחַלָּמִישׁ וָאֵדַע כִּי־לֹא אֵבוֹשׁ׃ קָרוֹב מַצְדִּיקִי מִי־ ח
יָרִיב אִתִּי נַעַמְדָה יָּחַד מִי־בַעַל מִשְׁפָּטִי יִגַּשׁ אֵלָי׃ הֵן ט
אֲדֹנָי יְהוִה יַעֲזָר־לִי מִי־הוּא יַרְשִׁיעֵנִי הֵן כֻּלָּם כַּבֶּגֶד יִבְלוּ
עָשׁ יֹאכְלֵם׃ מִי בָכֶם יְרֵא יְהוָה שֹׁמֵעַ בְּקוֹל עַבְדּוֹ י
אֲשֶׁר ׀ הָלַךְ חֲשֵׁכִים וְאֵין נֹגַהּ לוֹ יִבְטַח בְּשֵׁם יְהוָה וְיִשָּׁעֵן
בֵּאלֹהָיו׃ הֵן כֻּלְּכֶם קֹדְחֵי אֵשׁ מְאַזְּרֵי זִיקוֹת לְכוּ ׀ יא
בְּאוּר אֶשְׁכֶם וּבְזִיקוֹת בִּעַרְתֶּם מִיָּדִי הָיְתָה־זֹּאת לָכֶם
לְמַעֲצֵבָה תִּשְׁכָּבוּן׃

## נא

שִׁמְעוּ אֵלַי רֹדְפֵי צֶדֶק מְבַקְשֵׁי יְהוָה הַבִּיטוּ אֶל־צוּר א
חֻצַּבְתֶּם וְאֶל־מַקֶּבֶת בּוֹר נֻקַּרְתֶּם׃ הַבִּיטוּ אֶל־אַבְרָהָם ב
אֲבִיכֶם וְאֶל־שָׂרָה תְּחוֹלֶלְכֶם כִּי־אֶחָד קְרָאתִיו וַאֲבָרְכֵהוּ
וְאַרְבֵּהוּ׃ כִּי־נִחַם יְהוָה צִיּוֹן נִחַם כָּל־חָרְבֹתֶיהָ וַיָּשֶׂם ג
מִדְבָּרָהּ כְּעֵדֶן וְעַרְבָתָהּ כְּגַן־יְהוָה שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה יִמָּצֵא
בָהּ תּוֹדָה וְקוֹל זִמְרָה׃ הַקְשִׁיבוּ אֵלַי עַמִּי וּלְאוּמִּי ד
אֵלַי הַאֲזִינוּ כִּי תוֹרָה מֵאִתִּי תֵצֵא וּמִשְׁפָּטִי לְאוֹר עַמִּים
אַרְגִּיעַ׃ קָרוֹב צִדְקִי יָצָא יִשְׁעִי וּזְרֹעַי עַמִּים יִשְׁפֹּטוּ אֵלַי ה
אִיִּים יְקַוּוּ וְאֶל־זְרֹעִי יְיַחֵלוּן׃ שְׂאוּ לַשָּׁמַיִם עֵינֵיכֶם ו
וְהַבִּיטוּ אֶל־הָאָרֶץ מִתַּחַת כִּי־שָׁמַיִם כֶּעָשָׁן נִמְלָחוּ וְהָאָרֶץ
כַּבֶּגֶד תִּבְלֶה וְיֹשְׁבֶיהָ כְּמוֹ־כֵן יְמוּתוּן וִישׁוּעָתִי לְעוֹלָם

נא, ג׳ עד כאן   ד׳ דגש אחר שורק   ו׳ קמץ בפשטא

זייערע פיש ווערן דומפיק אָן וואַסער,
און שטאַרבן פון דאָרשטיקייט.
3 איך קלייד די הימלען אין שוואַרצקייט,
און מאַך זאַק זייער צודעק.

4 גאָט דער האַר האָט מיר געגעבן
אַ צונג פון געלערנטע,
צו וויסן צו העלפן דעם מידן מיט אַ וואָרט;
ער וועקט פרימאָרגן אין פרימאָרגן,
ער וועקט מיר דאָס אויער,
צו הערן אַזוי ווי די געלערנטע.
5 גאָט דער האַר האָט מיר געעפנט דאָס אויער,
און איך האָב ניט ווידערשפעניקט,
ניט אָפּגעטרעטן אַהינטער.
6 מיין רוקן האָב איך געגעבן צו די שלעגער,
און מיינע באַקן צו די פליקער;
איך האָב ניט פאַרבאָרגן מיין פנים
פון שאַנדן און שפּייעכץ.
7 אָבער גאָט דער האַר וועט מיר העלפן,
דרום ווער איך ניט פאַרשעמט;
דרום האָב איך געמאַכט מיין פנים ווי קיזל,
און איך ווייס אַז איך וועל ניט אין בּיוש בלייבן.
8 נאָענט איז מיין גערעכטגעבער;
ווער וויל זיך לאָדן מיט מיר?
לאָמיר זיך שטעלן באַנאַנד;
ווער איז מיין בעל־דין?
זאָל ער גענענען צו מיר.
9 זע, גאָט דער האַר וועט מיר העלפן;
ווער איז דער וואָס וועט מיך אומגערעכט מאַכן?
זע, זיי אַלע וועלן ווי אַ בגד צעפאַלן,
מאָיל וועט זיי אויפעסן.

10 ווער איז צווישן אייך וואָס האָט מורא פאַר גאָט,
וואָס הערט צו דעם קול פון זיין קנעכט?
וואָס איז געגאַנגען אין פינצטערניש,
און האָט קיין ליכט ניט געהאַט?
זאָל ער זיך פאַרזיכערן אויף דעם נאָמען פון יהוה,
און זיך אָנלענען אויף זיין גאָט.
11 אָט איר אַלע וואָס צינדט אָן אַ פייער,
וואָס גורט אָן פונקען—
גייט אין דער פלאַם פון אייער פייער,
און אין די פונקען וואָס איר האָט אָנגעצונדן!
פון מיין האַנט געשעעט דאָס אייך,
אין ווייטאָק וועט איר ליגן.

## נא

1 הערט מיר צו, איר וואָס יאָגט זיך נאָך
גערעכטיקייט, איר וואָס זוכט גאָט:
קוקט אויף דעם פעלז פון וואַנען איר זייט אויסגעהאַקט,
און אויף דער ברונעמגרוב פון וואַנען איר זייט
אויסגעגראָבן;
2 קוקט אויף אַברהם אייער פאָטער,
און אויף שׂרהן וואָס האָט אייך געבאָרן;
הגם איינער, האָב איך אים גערופן,
כּדי איך זאָל אים בענטשן, און זאָל אים מערן.
3 פאַרוואָר, גאָט טוט טרייסטן ציון,
ער טרייסט אַלע אירע חורבות;
און ער מאַכט איר מדבר ווי עֵדֶן,
און איר וויסטע ווי דער גאָרטן פון גאָט;
ששׂון־ושׂמחה וועט זיך געפינען אין איר,
אַ לויב און אַ קול פון געזאַנג.

4 האָרכט צו מיר, מיין פאָלק,
און פאַרנעמט צו מיר, מיין אומה,
וואָרום אַ תּורה וועט אַרויסגיין פון מיר,
און מיין משפּט וועל איך צום ליכט פון די פעלקער אַרויס־
לאָזן.
5 נאָענט איז מיין גערעכטיקייט,
אַרויס איז מיין הילף,
און מיינע אָרעמס וועלן משפּטן די פעלקער;
די אינדזלען וועלן האָפן אויף מיר,
און אויף מיין אָרעם וועלן זיי האַרן.
6 הייבט אויף צו די הימלען אייערע אויגן,
און קוקט אויף דער ערד פון אונטן,
וואָרום די הימלען ווערן ווי רויך צעקראָכן,
און די ערד וועט ווי אַ בגד צעפאַלן,
און אירע באַוווינער וועלן ווי אומגעציפער שטאַרבן;
אָבער מיין הילף וועט זיין אייביק,

ז תִּהְיֶה וְצִדְקָתִי לֹא תֵחָת׃ שִׁמְעוּ אֵלַי יֹדְעֵי צֶדֶק
עַם תּוֹרָתִי בְלִבָּם אַל־תִּירְאוּ חֶרְפַּת אֱנוֹשׁ וּמִגִּדֻּפֹתָם אַל־
ח תֵּחָתּוּ׃ כִּי כַבֶּגֶד יֹאכְלֵם עָשׁ וְכַצֶּמֶר יֹאכְלֵם סָס וְצִדְקָתִי
ט לְעוֹלָם תִּהְיֶה וִישׁוּעָתִי לְדוֹר דּוֹרִים׃ עוּרִי עוּרִי לִבְשִׁי־
עֹז זְרוֹעַ יְהוָה עוּרִי כִּימֵי קֶדֶם דֹּרוֹת עוֹלָמִים הֲלוֹא אַתְּ־
י הִיא הַמַּחְצֶבֶת רַהַב מְחוֹלֶלֶת תַּנִּין׃ הֲלוֹא אַתְּ־הִיא
הַמַּחֲרֶבֶת יָם מֵי תְּהוֹם רַבָּה הַשָּׂמָה מַעֲמַקֵּי־יָם דֶּרֶךְ
יא לַעֲבֹר גְּאוּלִים׃ וּפְדוּיֵי יְהוָה יְשׁוּבוּן וּבָאוּ צִיּוֹן בְּרִנָּה
וְשִׂמְחַת עוֹלָם עַל־רֹאשָׁם שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה יַשִּׂיגוּן נָסוּ יָגוֹן
יב וַאֲנָחָה׃ אָנֹכִי אָנֹכִי הוּא מְנַחֶמְכֶם מִי־אַתְּ וַתִּירְאִי
יג מֵאֱנוֹשׁ יָמוּת וּמִבֶּן־אָדָם חָצִיר יִנָּתֵן׃ וַתִּשְׁכַּח יְהוָה עֹשֶׂךָ
נוֹטֶה שָׁמַיִם וְיֹסֵד אָרֶץ וַתְּפַחֵד תָּמִיד כָּל־הַיּוֹם מִפְּנֵי חֲמַת
יד הַמֵּצִיק כַּאֲשֶׁר כּוֹנֵן לְהַשְׁחִית וְאַיֵּה חֲמַת הַמֵּצִיק׃ מִהַר
טו צֹעֶה לְהִפָּתֵחַ וְלֹא־יָמוּת לַשַּׁחַת וְלֹא יֶחְסַר לַחְמוֹ׃ וְאָנֹכִי
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ רֹגַע הַיָּם וַיֶּהֱמוּ גַּלָּיו יְהוָה צְבָאוֹת שְׁמוֹ׃
טז וָאָשִׂם דְּבָרַי בְּפִיךָ וּבְצֵל יָדִי כִּסִּיתִיךָ לִנְטֹעַ שָׁמַיִם וְלִיסֹד
יז אֶרֶץ וְלֵאמֹר לְצִיּוֹן עַמִּי־אָתָּה׃ הִתְעוֹרְרִי הִתְעוֹרְרִי
קוּמִי יְרוּשָׁלַםִ אֲשֶׁר שָׁתִית מִיַּד יְהוָה אֶת־כּוֹס חֲמָתוֹ
יח אֶת־קֻבַּעַת כּוֹס הַתַּרְעֵלָה שָׁתִית מָצִית׃ אֵין מְנַהֵל לָהּ
מִכָּל־בָּנִים יָלָדָה וְאֵין מַחֲזִיק בְּיָדָהּ מִכָּל־בָּנִים גִּדֵּלָה׃
יט שְׁתַּיִם הֵנָּה קֹרְאֹתַיִךְ מִי יָנוּד לָךְ הַשֹּׁד וְהַשֶּׁבֶר וְהָרָעָב
כ וְהַחֶרֶב מִי אֲנַחֲמֵךְ׃ בָּנַיִךְ עֻלְּפוּ שָׁכְבוּ בְּרֹאשׁ כָּל־חוּצוֹת
כא כְּתוֹא מִכְמָר הַמְלֵאִים חֲמַת־יְהוָה גַּעֲרַת אֱלֹהָיִךְ׃ לָכֵן
כב שִׁמְעִי־נָא זֹאת עֲנִיָּה וּשְׁכֻרַת וְלֹא מִיָּיִן׃ כֹּה־אָמַר אֲדֹנַיִךְ
יְהוָה וֵאלֹהַיִךְ יָרִיב עַמּוֹ הִנֵּה לָקַחְתִּי מִיָּדֵךְ אֶת־כּוֹס
הַתַּרְעֵלָה אֶת־קֻבַּעַת כּוֹס חֲמָתִי לֹא־תוֹסִיפִי לִשְׁתּוֹתָהּ

ט׳ מלרע   יב הפטרת שופטים   יג׳ קמץ בסגולתא   טו׳ קמץ בזיק

און מיין גערעכטיקייט וועט ניט אָפּגעבראָכן ווערן.
7 הערט מיר צו, איר וואָס ווייסט גערעכטיקייט,
דאָס פאָלק וואָס מיין תּורה איז אין זייער האַרצן:
איר זאָלט ניט מורא האָבן פאַרן שמאַך פון מענטשן,
און פאַר זייערע לעסטערונגען זאָלט איר ניט אַנגסטן.
8 וואָרום אַזוי ווי אַ בגד וועט זיי מאָיל אויפעסן,
און אַזוי ווי וואָל וועט זיי דער וואָרעם אויפעסן,
אָבער מיין גערעכטיקייט וועט זיין אייביק,
און מיין הילף אויף דור־דורות.

9 דערוועק דיך, דערוועק דיך,
באַקלייד דיך מיט שטאַרקייט,
דו אָרעם פון גאָט;
דערוועק דיך ווי אין די טעג פון אַמאָל,
אין די דורות פון פאַרצייטן.
ביסטו ניט דער וואָס האָט צעהאַקט רַהַב,
וואָס האָט דערשטאָכן די שלאַנג?
10 ביסטו ניט דער וואָס האָט אויסגעטריקנט דעם ים,
די וואַסערן פון דעם תּהום דעם גרויסן;
וואָס האָט געמאַכט די טיפענישן פון ים פאַר אַ וועג,
פאַר די אויסגעלייזטע אַריבערצוגיין?
11 און די דערלייזטע פון גאָט זאָלן זיך אומקערן,
און קומען קיין ציון מיט געזאַנג,
און אַן אייביקע שׂמחה זאָל זיין אויף זייער קאָפּ;
ששׂון־ושׂמחה זאָל זיי אָניאָגן,
אַנטלויפן זאָלן טרויער און זיפצעניש.

12 איך, איך בין אַייער טרייסטער;
ווער ביסטו, זאָלסט מורא האָבן
פאַר אַ מענטשן וואָס שטאַרבט,
און פאַר אַ מענטשנקינד וואָס ווערט צו גראָז געמאַכט?
13 און האָסט פאַרגעסן אָן גאָט דיין באַשעפער,
וואָס האָט אויסגעשפּרייט די הימלען,
און געגרונטפעסט די ערד;
און האָסט געאַנגסט נאָכאַנאַנד אַ גאַנצן טאָג
פאַרן גרימצאָרן פון דעם דריקער,
ווי ער האָט זיך אָנגעברייט אומצוברענגען;
אָבער ווו איז דער גרימצאָרן פון דעם דריקער?
14 גיך ווערט דער געבויגענער אָפּגעבונדן,
און ער וועט ניט שטאַרבן אין גרוב,
און ניט געמינערט ווערן וועט זיין ברויט.
15 וואָרום איך בין יהוה דיין גאָט,
וואָס צערודערט דעם ים, און זיינע כוואַליעס ברומען,
וואָס יהוה פון צבָאוֹת איז זיין נאָמען.
16 און איך האָב אַריינגעטאָן מיינע ווערטער אין דיין מויל,
און מיטן שאָטן פון מיין האַנט האָב איך דיך צוגעדעקט,
כּדי צו פלאַנצן די הימלען, און צו גרונטפעסטן די ערד,
און זאָגן צו ציון: מיין פאָלק ביסטו.

17 דערוועק דיך, דערוועק דיך,
שטיי אויף, ירושָלַיִם,
דו וואָס האָסט געטרונקען פון גאָטס האַנט
דעם כּוס פון זיין גרימצאָרן;
דעם בעכער, דעם כּוס פון פאַרטומלעניש,
געטרונקען און אויסגעזויגן.
18 ניטאָ ווער זאָל זי פירן,
פון אַלע זין וואָס זי האָט געבאָרן,
און ניטאָ ווער זאָל האַלטן איר האַנט,
פון אַלע זין וואָס זי האָט אויפגעצויגן.
19 דיביידע האָבן דיך געטראָפן–
ווער קען דיך באַקלאָגן?
פאַרוויסטונג און בראָך, און הונגער און שווערד–
ווי קען איך דיך טרייסטן?
20 דיינע זין ליגן געחלשטע אין אַלע עק גאַסן,
ווי אַ ווילדציג אין נעץ;
פול מיט דעם גרימצאָרן פון יהוה,
מיט דעם אָנגעשריי פון דיין גאָט.

21 דרום הער נאָר צו דאָסדאָזיקע, דו אָרימע,
און פאַרשיכּורטע, אָבער ניט פון וויין;
22 אַזוי האָט געזאָגט דיין האַר יהוה,
און דיין גאָט וואָס נעמט זיך אָן פאַר זיין פאָלק:
זע, איך האָב אַוועקגענומען פון דיין האַנט
דעם כּוס פון פאַרטומלעניש,
דעם בעכער, דעם כּוס פון מיין גרימצאָרן;
וועסט אים מער ווידער ניט טרינקען.

כג עוֹד׃ וְשַׂמְתִּיהָ בְּיַד־מוֹגַיִךְ אֲשֶׁר־אָמְרוּ לְנַפְשֵׁךְ שְׁחִי וְנַעֲבֹרָה
וַתָּשִׂימִי כָאָרֶץ גֵּוֵךְ וְכַחוּץ לַעֹבְרִים׃

נב

א עוּרִי עוּרִי לִבְשִׁי עֻזֵּךְ צִיּוֹן לִבְשִׁי ׀ בִּגְדֵי תִפְאַרְתֵּךְ יְרוּשָׁלַםִ
ב עִיר הַקֹּדֶשׁ כִּי לֹא יוֹסִיף יָבֹא־בָךְ עוֹד עָרֵל וְטָמֵא׃ הִתְנַעֲרִי
מֵעָפָר קוּמִי שְּׁבִי יְרוּשָׁלָםִ הִתְפַּתְּחוּ מוֹסְרֵי צַוָּארֵךְ שְׁבִיָּה
ג בַּת־צִיּוֹן׃ כִּי־כֹה אָמַר יְהוָה חִנָּם נִמְכַּרְתֶּם וְלֹא
ד בְכֶסֶף תִּגָּאֵלוּ׃ כִּי כֹה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה מִצְרַיִם יָרַד־
ה עַמִּי בָרִאשֹׁנָה לָגוּר שָׁם וְאַשּׁוּר בְּאֶפֶס עֲשָׁקוֹ׃ וְעַתָּה מַה־
לִּי־פֹה נְאֻם־יְהוָה כִּי־לֻקַּח עַמִּי חִנָּם מֹשְׁלָו יְהֵילִילוּ נְאֻם־
ו יְהוָה וְתָמִיד כָּל־הַיּוֹם שְׁמִי מִנֹּאָץ׃ לָכֵן יֵדַע עַמִּי שְׁמִי לָכֵן
ז בַּיּוֹם הַהוּא כִּי־אֲנִי־הוּא הַמְדַבֵּר הִנֵּנִי׃ מַה־נָּאווּ עַל־
הֶהָרִים רַגְלֵי מְבַשֵּׂר מַשְׁמִיעַ שָׁלוֹם מְבַשֵּׂר טוֹב מַשְׁמִיעַ
ח יְשׁוּעָה אֹמֵר לְצִיּוֹן מָלַךְ אֱלֹהָיִךְ׃ קוֹל צֹפַיִךְ נָשְׂאוּ קוֹל
ט יַחְדָּו יְרַנֵּנוּ כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב יְהוָה צִיּוֹן׃ פִּצְחוּ רַנְּנוּ
יַחְדָּו חָרְבוֹת יְרוּשָׁלָםִ כִּי־נִחַם יְהוָה עַמּוֹ גָּאַל יְרוּשָׁלָםִ׃
י חָשַׂף יְהוָה אֶת־זְרוֹעַ קָדְשׁוֹ לְעֵינֵי כָּל־הַגּוֹיִם וְרָאוּ כָּל־
יא אַפְסֵי־אָרֶץ אֵת יְשׁוּעַת אֱלֹהֵינוּ׃ סוּרוּ סוּרוּ צְאוּ מִשָּׁם
יב טָמֵא אַל־תִּגָּעוּ צְאוּ מִתּוֹכָהּ הִבָּרוּ נֹשְׂאֵי כְּלֵי יְהוָה׃ כִּי לֹא
בְחִפָּזוֹן תֵּצֵאוּ וּבִמְנוּסָה לֹא תֵלֵכוּן כִּי־הֹלֵךְ לִפְנֵיכֶם יְהוָה
יג וּמְאַסִּפְכֶם אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ הִנֵּה יַשְׂכִּיל עַבְדִּי יָרוּם
יד וְנִשָּׂא וְגָבַהּ מְאֹד׃ כַּאֲשֶׁר שָׁמְמוּ עָלֶיךָ רַבִּים כֵּן־מִשְׁחַת
טו מֵאִישׁ מַרְאֵהוּ וְתֹאֲרוֹ מִבְּנֵי אָדָם׃ כֵּן יַזֶּה גּוֹיִם רַבִּים עָלָיו
יִקְפְּצוּ מְלָכִים פִּיהֶם כִּי אֲשֶׁר לֹא־סֻפַּר לָהֶם רָאוּ וַאֲשֶׁר
לֹא־שָׁמְעוּ הִתְבּוֹנָנוּ׃

נג

א ב מִי הֶאֱמִין לִשְׁמֻעָתֵנוּ וּזְרוֹעַ יְהוָה עַל־מִי נִגְלָתָה׃ וַיַּעַל

---

נ ב, א׳ מלית   ב׳ התפתחי קרי   ה׳ ס״א מי כתיב מה קרי   משלו ק׳
י׳ קמץ בז״ק   יב׳ ס״ב

---

23 און איך וועל אים אַריינטאָן אין דער האַנט פון דיינע ווייטוער,
וואָס האָבן געזאָגט צו דיין זעל:
בייג זיך איין, מיר זאָלן אַריבערגיין;
און האָסט געמאַכט ווי די ערד דיין רוקן,
און ווי די גאַס פאַר אַריבערגייער.

## נב

1 דערוועק דיך, דערוועק דיך,
טו אָן דיין שטאַרקייט, צִיוֹן;
טו אָן דיינע פּראַכטיקע בגדים,
ירושָלַיִם, דו הייליקע שטאָט;
וואָרום מער ווידער וועט ניט קומען אין דיר
אַן אומבאַשניטענער און אומריינער.
2 שאָקל דיך אָפּ פון שטויב,
הייב דיך אויף, זעץ דיך, ירושָלַיִם;
מאַך דיר לויז די בינדשטריק פון דיין האַלדז,
געפאַנגענע טאָכטער צִיוֹן.

3 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אומזיסט זייט איר פאַרקויפט געוואָרן,
און ניט פאַר געלט וועט איר אויסגעלייזט ווערן.
4 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
קיין מִצרַיִם האָט גענידערט מיין פאָלק צוערשט,
דאָרטן צו וווינען,
און אַשור האָט אים פאַר גאָרנישט געדריקט.
5 און אַצונד, וואָס האָב איך דאָ, זאָגט גאָט,
ווען מיין פאָלק איז אַוועקגענומען געוואָרן פאַר אומזיסט?
זיינע געוועלטיקער רימען זיך, זאָגט גאָט,
און תּמיד אַ גאַנצן טאָג ווערט מיין נאָמען געלעסטערט.
6 דרום וועט מיין פאָלק געוואָר ווערן מיין נאָמען;
פאַרוואָר, אין יענעם טאָג—
אַז איך בין דער וואָס רעדט; דאָ בין איך.

7 ווי שיין זיינען אויף די בערג
די פיס פון דעם אָנזאָגער
וואָס לאָזט הערן שלום,
וואָס זאָגט אָן גוטס,
וואָס לאָזט הערן הילף:
וואָס זאָגט צו צִיוֹן:
דיין גאָט טוט קיניגן.
8 האָרך! דיינע וועכטער הייבן אויף זייער קָול,
זיי זינגען אין איינעם,
וואָרום אויג אין אויג זעען זיי
ווי גאָט קערט זיך אום קיין צִיוֹן.
9 ברעכט אויס, זינגט אין איינעם,
איר חורבות פון ירושָלַיִם,
וואָרום גאָט האָט געטרייסט זיין פאָלק,
ער האָט אויסגעלייזט ירושָלַיִם.
10 גאָט האָט אַנטבלויזט זיין הייליקן אָרעם
פאַר די אויגן פון אַלע פעלקער,
און אַלע עקן פון דער ערד וועלן זען
די ישועה פון אונדזער גאָט.

11 טוט אייך אָפּ, טוט אייך אָפּ, גייט אַרויס פון דאָרטן,
אומריינס זאָלט איר ניט אָנרירן;
גייט אַרויס פון איר מיט, ריייניקט אייך,
איר טרעגער פון די כלים פון גאָט!

12 פאַרוואָר, ניט אין אַיילעניש וועט איר אַרויס,
און ניט אין געלאַף וועט איר גיין;
וואָרום אייך פאַרויס גייט יהוה,
און אייך נאָכבאַלייט דער גאָט פון ישׂראל.

13 זע, באַגליקן וועט מיין קנעכט,
ער וועט דערהייכט און דערהויבן ווערן און זיין זייער הויך.
14 אַזוי ווי פיל האָבן געגאַפט אויף דיר—
אַזוי פאַרקריפּלט, ניט פון אַ מענטשן איז געווען זיין אויסזען,
און זיין געשטאַלט ניט פון מענטשנקינדער—
15 אַזוי וועט ער מאַכן אויפשפּרינגען פיל פעלקער,
מלכים וועלן צומאַכן זייער מויל פאַר אים;
וואָרום וואָס זיי איז ניט דערציילט געוואָרן,
וועלן זיי זען,
און וואָס זיי האָבן ניט געהערט,
וועלן זיי אָנקוקן.

## נג

1 ווער וואָלט געגלויבט אונדזער הערונג?
און דער אָרעם פון גאָט האָט זיך אויף וועמען אַנט־פּלעקט?

2 וואָרום ער איז אויפגעגאַנגען ווי אַ שפּראָץ גלייך אַרויף,
און ווי אַ וואָרצל פון טרוקענער ערד;
ער האָט קיין געשטאַלט ניט געהאַט און קיין שיינקייט,
אַז מיר זאָלן אים אָנקוקן,
און קיין אויסזען,
אַז מיר זאָלן אים גלוסטן.
3 ער איז געווען פאַראַכט, און אויסגעמיטן פון מענטשן,
אַ מענטש מיט ווייטאָקן און צו קראַנקשאַפט געוווינט,
און ווי איינער וואָס מע פאַרבאָרגט דעם פּנים פון אים;
פאַראַכט, און מיר האָבן אים גערעכנט פאַר גאָרנישט.
4 אָבער דאָס האָט ער אונדזער קראַנקשאַפט געליטן,
און אונדזערע ווייטאָקן, זיי האָט ער געטראָגן,
בעת מיר האָבן אים גערעכנט פאַר אַ געפּלאָגטן,
פאַר אַ־געשלאָגענעם פון גאָט און געפּייניקטן.
5 און ער איז פאַרוואונדט געוואָרן איבער אונדזערע פאַר־
ברעכן,
צעדריקט איבער אונדזערע זינד;
די אָפּקומעניש פאַר אונדזער גליק איז געווען אויף אים,
און דורך זיינע בײַלן זיינען מיר געהיילט געוואָרן.
6 מיר אַלע האָבן ווי שאָף געבלאָנדזשעט,
איטלעכער צו זיין וועג זיך געקערט;
און גאָט האָט אויסגעלאָזט אויף אים
די זינד פון אונדז אַלעמען.
7 ער איז געדריקט געוואָרן,
אָבער ער האָט זיך געבויגן,
און פלעגט זיין מויל ניט עפענען,
ווי אַ לאַם וואָס ווערט צו דער שחיטה געפירט,
און ווי אַ שעפּס וואָס איז שטום פאַר אירע שערער;
יאָ, ער פלעגט זיין מויל ניט עפענען.
8 דורך דריקונג און דורך שטראָף איז ער אַוועקגענומען
געוואָרן,
און מיט זיין דור ווער האָט איינגעטענהט?
וואָרום ער איז פאַרשניטן געוואָרן פון לאַנד פון די
לעבעדיקע,
פאַר דעם פאַרברעך פון מיין פאָלק
וואָס די פּלאָג האָט זיי געקומט.
9 און מע האָט געמאַכט מיט רשעים זיין קבר,
און מיטן תּקיף זיין בערגל,
הגם ער האָט קיין אומרעכט ניט געטאָן,
און קיין באַטרוג איז ניט געווען אין זיין מויל.
10 אָבער גאָט האָט אים געוואָלט צעדריקן מיט קראַנקשאַפט,
צו זען אויב זיין זעל וועט זיך מאַכן פאַר אַ קרבן;
כּדי ער זאָל זען זאָמען, דערלענגערן זיינע טעג,
און דער רצון פון גאָט דורך זיין האַנט זאָל געלינגען.
11 מאַטערניש פון זיין זעל וועט ער זיך אָנזען צו זאַט;
מיט זיין דערקענונג וועט מיין קנעכט דער גערעכטער
גערעכט מאַכן פיל,
און זייערע זינד וועט ער טראָגן.
12 דרום וועל איך אים איינטיילן צווישן די גרויסע,
און מיט מאַכטיקע וועט ער טיילן רויב;
דערפאַר וואָס ער האָט אַנטבלויזט צום טויט זיין זעל,
און איז מיט פאַרברעכער געציילט געוואָרן,
בעת דעם חטא פון פיל האָט ער געטראָגן,
און פלעגט פאַר פאַרברעכער זיך איינשטעלן.

נד 1 זינג, דו עקרה,
וואָס האָט ניט געבאָרן,
ברעך אויס אין געזאַנג און שריי אויס,
דו וואָס האָסט ניט געוויטאַקט;
וואָרום מער זיינען די קינדער פון דער וויסטער,

כַּיּוֹנֵק לְפָנָיו וְכַשֹּׁרֶשׁ מֵאֶרֶץ צִיָּה לֹא־תֹאַר לוֹ וְלֹא הָדָר
ג וְנִרְאֵהוּ וְלֹא־מַרְאֶה וְנֶחְמְדֵהוּ׃ נִבְזֶה וַחֲדַל אִישִׁים אִישׁ
מַכְאֹבוֹת וִידוּעַ חֹלִי וּכְמַסְתֵּר פָּנִים מִמֶּנּוּ נִבְזֶה וְלֹא
ד חֲשַׁבְנֻהוּ׃ אָכֵן חֳלָיֵנוּ הוּא נָשָׂא וּמַכְאֹבֵינוּ סְבָלָם וַאֲנַחְנוּ
ה חֲשַׁבְנֻהוּ נָגוּעַ מֻכֵּה אֱלֹהִים וּמְעֻנֶּה׃ וְהוּא מְחֹלָל מִפְּשָׁעֵנוּ
מְדֻכָּא מֵעֲוֺנֹתֵינוּ מוּסַר שְׁלוֹמֵנוּ עָלָיו וּבַחֲבֻרָתוֹ נִרְפָּא־
ו לָנוּ׃ כֻּלָּנוּ כַּצֹּאן תָּעִינוּ אִישׁ לְדַרְכּוֹ פָּנִינוּ וַיהוָה הִפְגִּיעַ
ז בּוֹ אֵת עֲוֺן כֻּלָּנוּ׃ נִגַּשׂ וְהוּא נַעֲנֶה וְלֹא יִפְתַּח־פִּיו כַּשֶּׂה
לַטֶּבַח יוּבָל וּכְרָחֵל לִפְנֵי גֹזְזֶיהָ נֶאֱלָמָה וְלֹא יִפְתַּח פִּיו׃
ח מֵעֹצֶר וּמִמִּשְׁפָּט לֻקָּח וְאֶת־דּוֹרוֹ מִי יְשׂוֹחֵחַ כִּי נִגְזַר מֵאֶרֶץ
ט חַיִּים מִפֶּשַׁע עַמִּי נֶגַע לָמוֹ׃ וַיִּתֵּן אֶת־רְשָׁעִים קִבְרוֹ וְאֶת־
י עָשִׁיר בְּמֹתָיו עַל לֹא־חָמָס עָשָׂה וְלֹא מִרְמָה בְּפִיו׃ וַיהוָה
חָפֵץ דַּכְּאוֹ הֶחֱלִי אִם־תָּשִׂים אָשָׁם נַפְשׁוֹ יִרְאֶה זֶרַע יַאֲרִיךְ
יא יָמִים וְחֵפֶץ יְהוָה בְּיָדוֹ יִצְלָח׃ מֵעֲמַל נַפְשׁוֹ יִרְאֶה יִשְׂבָּע
בְּדַעְתּוֹ יַצְדִּיק צַדִּיק עַבְדִּי לָרַבִּים וַעֲוֺנֹתָם הוּא יִסְבֹּל׃
יב לָכֵן אֲחַלֶּק־לוֹ בָרַבִּים וְאֶת־עֲצוּמִים יְחַלֵּק שָׁלָל תַּחַת
אֲשֶׁר הֶעֱרָה לַמָּוֶת נַפְשׁוֹ וְאֶת־פֹּשְׁעִים נִמְנָה וְהוּא חֵטְא־
רַבִּים נָשָׂא וְלַפֹּשְׁעִים יַפְגִּיעַ׃

## נד

א רָנִּי עֲקָרָה לֹא יָלָדָה פִּצְחִי רִנָּה וְצַהֲלִי לֹא־חָלָה כִּי־
ב רַבִּים בְּנֵי־שׁוֹמֵמָה מִבְּנֵי בְעוּלָה אָמַר יְהוָה׃ הַרְחִיבִי ׀
מְקוֹם אָהֳלֵךְ וִירִיעוֹת מִשְׁכְּנוֹתַיִךְ יַטּוּ אַל־תַּחְשֹׂכִי הַאֲרִיכִי
ג מֵיתָרַיִךְ וִיתֵדֹתַיִךְ חַזֵּקִי׃ כִּי־יָמִין וּשְׂמֹאול תִּפְרֹצִי וְזַרְעֵךְ
ד גּוֹיִם יִירָשׁ וְעָרִים נְשַׁמּוֹת יוֹשִׁיבוּ׃ אַל־תִּירְאִי כִּי־לֹא
תֵבוֹשִׁי וְאַל־תִּכָּלְמִי כִּי לֹא תַחְפִּירִי כִּי בֹשֶׁת עֲלוּמַיִךְ
ה תִּשְׁכָּחִי וְחֶרְפַּת אַלְמְנוּתַיִךְ לֹא תִזְכְּרִי־עוֹד׃ כִּי בֹעֲלַיִךְ
עֹשַׂיִךְ יְהוָה צְבָאוֹת שְׁמוֹ וְגֹאֲלֵךְ קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל אֱלֹהֵי כָל־

נג, ז׳ ח׳ יא׳ קמץ בז״ק   נד, א הפטרת נח וגם הפטרת כי תצא
ג׳ מלא ו׳   קמץ בז״ק   ד׳ קמץ בז״ק

ווי די קינדער פון דער באַמאַנטער, זאָגט גאָט.
2 ברייט אויס דעם אָרט פון דיין געצעלט,
און די אומהאַנגען פון דיינע וווינונגען זאָל מען אויס־
שטרעקן;
ניט שפּאָר, מאַך לאַנג דיינע שטריק,
און דיינע פּלעקלעך באַפעסטיק.
3 וואָרום רעכטס און לינקס וועסטו זיך שפּרייטן,
און דיין זאָמען וועט אַרבן די פעלקער,
און שטעט פאַרוויסטע וועלן זיי באַזעצן.
4 זאָלסט ניט מורא האָבן,
וואָרום וועסט ניט אין בּיוש בלייבן,
און זאָלסט ניט פאַרשעמט זיין,
וואָרום וועסט ניט צו שאַנד ווערן.
וואָרום דעם בּיוש פון דיין יוגנט וועסטו פאַרגעסן,
און די חרפּה פון דיין אַלמנהשאַפט וועסטו מער ניט
דערמאָנען.
5 וואָרום דיין באַשעפער איז דיין מאַן,
יהוה פון צבאות איז זיין נאָמען;
און דיין אויסלייזער איז דער הייליקער פון ישׂראל,
גאָט פון דער גאַנצער ערד וועט ער גערופן.

הָאָרֶץ יִקָּרֵא׃ כִּי־כְאִשָּׁה עֲזוּבָה וַעֲצוּבַת רוּחַ קְרָאָךְ ו
יְהוָה וְאֵשֶׁת נְעוּרִים כִּי תִמָּאֵס אָמַר אֱלֹהָיִךְ׃ בְּרֶגַע קָטֹן ז
עֲזַבְתִּיךְ וּבְרַחֲמִים גְּדֹלִים אֲקַבְּצֵךְ׃ בְּשֶׁצֶף קֶצֶף הִסְתַּרְתִּי ח
פָנַי רֶגַע מִמֵּךְ וּבְחֶסֶד עוֹלָם רִחַמְתִּיךְ אָמַר גֹּאֲלֵךְ יְהוָה׃
כִּי־מֵי נֹחַ זֹאת לִי אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי מֵעֲבֹר מֵי־נֹחַ עוֹד ט
עַל־הָאָרֶץ כֵּן נִשְׁבַּעְתִּי מִקְּצֹף עָלַיִךְ וּמִגְּעָר־בָּךְ׃ כִּי הֶהָרִים י
יָמוּשׁוּ וְהַגְּבָעוֹת תְּמוּטֶינָה וְחַסְדִּי מֵאִתֵּךְ לֹא־יָמוּשׁ וּבְרִית
שְׁלוֹמִי לֹא תָמוּט אָמַר מְרַחֲמֵךְ יְהוָה׃ · עֲנִיָּה סֹעֲרָה יא
לֹא נֻחָמָה הִנֵּה אָנֹכִי מַרְבִּיץ בַּפּוּךְ אֲבָנַיִךְ וִיסַדְתִּיךְ
בַּסַּפִּירִים׃ וְשַׂמְתִּי כַּדְכֹד שִׁמְשֹׁתַיִךְ וּשְׁעָרַיִךְ לְאַבְנֵי אֶקְדָּח יב
וְכָל־גְּבוּלֵךְ לְאַבְנֵי־חֵפֶץ׃ וְכָל־בָּנַיִךְ לִמּוּדֵי יְהוָה וְרַב יג
שְׁלוֹם בָּנָיִךְ׃ בִּצְדָקָה תִּכּוֹנָנִי רַחֲקִי מֵעֹשֶׁק כִּי־לֹא תִירָאִי יד
וּמִמְּחִתָּה כִּי לֹא־תִקְרַב אֵלָיִךְ׃ הֵן גּוֹר יָגוּר אֶפֶס מֵאוֹתִי טו
מִי־גָר אִתָּךְ עָלַיִךְ יִפּוֹל׃ הֵן אָנֹכִי בָּרָאתִי חָרָשׁ נֹפֵחַ טז
בְּאֵשׁ פֶּחָם וּמוֹצִיא כְלִי לְמַעֲשֵׂהוּ וְאָנֹכִי בָּרָאתִי מַשְׁחִית
לְחַבֵּל׃ כָּל־כְּלִי יוּצַר עָלַיִךְ לֹא יִצְלָח וְכָל־לָשׁוֹן תָּקוּם־ יז
אִתָּךְ לַמִּשְׁפָּט תַּרְשִׁיעִי זֹאת נַחֲלַת עַבְדֵי יְהוָה וְצִדְקָתָם
מֵאִתִּי נְאֻם־יְהוָה׃

## נה

הוֹי כָּל־צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם וַאֲשֶׁר אֵין־לוֹ כָּסֶף לְכוּ שִׁבְרוּ א
וֶאֱכֹלוּ וּלְכוּ שִׁבְרוּ בְּלוֹא־כֶסֶף וּבְלוֹא מְחִיר יַיִן וְחָלָב׃
לָמָּה תִשְׁקְלוּ־כֶסֶף בְּלוֹא־לֶחֶם וִיגִיעֲכֶם בְּלוֹא לְשָׂבְעָה ב
שִׁמְעוּ שָׁמוֹעַ אֵלַי וְאִכְלוּ־טוֹב וְתִתְעַנַּג בַּדֶּשֶׁן נַפְשְׁכֶם׃
הַטּוּ אָזְנְכֶם וּלְכוּ אֵלַי שִׁמְעוּ וּתְחִי נַפְשְׁכֶם וְאֶכְרְתָה ג
לָכֶם בְּרִית עוֹלָם חַסְדֵי דָוִד הַנֶּאֱמָנִים׃ הֵן עֵד לְאוּמִּים ד
נְתַתִּיו נָגִיד וּמְצַוֵּה לְאֻמִּים׃ הֵן גּוֹי לֹא־תֵדַע תִּקְרָא וְגוֹי ה
לֹא־יְדָעוּךָ אֵלֶיךָ יָרוּצוּ לְמַעַן יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְלִקְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל

נד, ט׳ כי מי — י׳ עד כאן לספרדים אבל האשכנזים גם נה וכלם בד׳ באלול
פסיפין עניה סערה — יא׳ הפטרת ראה — טו׳ הנה ק — יז׳ קמץ ח״ק
נה, ג׳ בבא׳ הד׳ רפה — ד׳ דגש אחר שורק

6 וואָרום ווי אַ ווייב פאַרלאָזן און פאַראומערט אין געמיט
טוט דיך צוריקרופן יהוה;
און אַ יוגנטווייב, קען זי דען נמאס ווערן?
זאָגט דיין גאָט.
7 אויף אַ קליין רגע האָב איך דיך פאַרלאָזן,
אָבער מיט גרויס דערבאַרימונג וועל איך דיך אַיינזאַמלען.
8 אין אויסגוס פון כעס[א]
האָב איך אַ רגע פאַרבאָרגן מיין פנים פון דיר,
אָבער מיט אייביקער גענאָד
טו איך דיך דערבאַרימען,
זאָגט דיין אויסלייזער, גאָט.
9 וואָרום דאָס געוויסער פון נח איז דאָס מיר:
אַזוי ווי איך האָב געשוואָרן אַז דאָס געוויסער פון נח
זאָל מער ניט אַריבערגיין איבער דער ערד,
אַזוי האָב איך געשוואָרן ניט צו צערענען אויף דיר,
און ניט אָנצושרייען אויף דיר.
10 וואָרום די בערג מעגן זיך אָפּטאָן,
און די הייכן מעגן זיך וואַקלען,
אָבער מיין גענאָד וועט זיך פון דיר ניט אָפּטאָן,
און מיין בונד פון שלום וועט זיך ניט וואַקלען,
זאָגט דיין דערבאַרימער, גאָט.

11 דו אָרימע, פון שטורעם געטריבענע,
דו ניט געטרייסטע,
זע, איך לייג אויס דיינע שטיינער אין פאַרבן,
און וועל דיך גרונטפעסטן מיט סאַפּירשטיינער.
12 און איך וועל מאַכן דיינע טורעמשפּיצן פון רובין,
און דיינע טויערן פון גאַרפונקלשטיינער,
און דיין גאַנצן געמאַרק פון גלוסטיקע שטיינער.
13 און אַלע דיינע קינדער וועלן זיין געלערנטע פון גאָט;
און גרויס וועט זיין דער שלום פון דיינע קינדער.
14 אויף גערעכטיקייט וועסטו אויפגעשטעלט ווערן;
זיי ווייט פון דריקונג[ב], וואָרום דאַרפסט ניט מורא האָבן,
און פון אַ בראָך, וואָרום ער וועט ניט גענענען צו דיר.
15 זע, זאַמלען מעג מען זיך זאַמלען, אָבער אָן מיין ווילן;
ווער עס זאַמלט זיך אויף דיר, וועט פאַלן פון וועגן דיר.
16 זע, איך האָב באַשאַפן דעם מיינסטער,
וואָס בלאָזט אין דעם קוילפייער,
און ברענגט אַרויס אַ געצייג פאַר זיין אַרבעט;
און איך האָב באַשאַפן דעם פאַרוויסטער צו צעשטערן.
17 איטלעך געצייג וואָס וועט געפורעמט ווערן קעגן דיר,
וועט ניט געלינגען,
און איטלעך צונג וואָס וועט זיך שטעלן אין משפט מיט דיר,
וועסטו שולדיק מאַכן.
דאָס איז די אַרב פון די קנעכט פון גאָט,
און זייער גערעכטער לוין פון מיר, זאָגט גאָט.

## נה

1 העי, אַלע דאָרשטיקע, קומט נאָך וואַסער,
צומאָל דער וואָס האָט ניט קיין געלט;
קומט שאַפט אַייך אַיין און עסט,
און קומט שאַפט אַייך אַיין אָן געלט
און אָן געצאָלט וויין און מילך.
2 נאָך וואָס זאָלט איר געלט צאָלן פאַר ניט־ברויט?
און אַייער מי פאַרוואָס זעטיקט ניט?
הערן הערט מיר צו, און עסט גוטס,
און אַייער זעל וועט זיך קוויקן מיט פעטס.
3 נייגט אַייער אויער, און קומט צו מיר,
הערט, און אַייער זעל וועט לעבן;
און איך וועל אַייך שליסן אַן אייביקן בונד,
ווי די געטרייע חסדים צו דודן.
4 זע, אַן עדות צו די פעלקער האָב איך אים געמאַכט,
אַ פירשט און באַפעלער פון די אומות.
5 זע, אַ פאָלק וואָס דו קענסט ניט, וועסטו רופן,
און אַ פאָלק וואָס קען דיך ניט, וועט לויפן צו דיר,
פון וועגן יהוה דיין גאָט,
און צוליב דעם הייליקן פון ישראל,
ווייל ער האָט דיך באַשיינט.

[א] ווארטשפיל: בְּשֶׁצֶף קֶצֶף.

[ב] ד. ה. פון אַנגסט פאַר דריקונג.

6 זוכט גאָט ווען ער קען געפונען ווערן,
רופט אים ווען ער איז נאָנט.
7 זאָל דער רשע פאַרלאָזן זיין וועג,
און דער מאַן פון אומרעכט זיינע טראַכטונגען;
און זאָל ער זיך אומקערן צו יהוה,
און ער וועט אים דערבאַרימען,
און צו אונדזער גאָט,
וואָרום ער פאַרגיט אַ סך.
8 וואָרום ניט מיינע טראַכטונגען זיינען אייערע טראַכ-
טונגען,
און ניט אייערע וועגן זיינען מיינע וועגן, זאָגט גאָט.
9 וואָרום ווי דער הימל איז העכער פון דער ערד,
אַזוי זיינען מיינע וועגן העכער פון אייערע וועגן,
און מיינע טראַכטונגען פון אייערע טראַכטונגען.
10 וואָרום אַזוי ווי עס נידערט פון הימל
דער רעגן און דער שניי,
און קערט זיך אַהינצו ניט אום,
נייערט ער טרינקט אָן די ערד,
און באַפרוכט זי און באַשפּראָצט זי,
און גיט זריעה צו דעם זייער,
און ברויט צו דעם עסער;
11 אַזוי וועט זיין מיין וואָרט וואָס גייט אַרויס פון מיין מויל:
עס וועט זיך ניט אומקערן צו מיר ליידיק,
נייערט עס וועט טאָן וואָס איך האָב געוואָלט,
און באַגליקן אום וואָס איך האָב עס געשיקט.
12 וואָרום מיט שמחה וועט איר אַרויסגיין,
און בשלום וועט איר געפירט ווערן;
די בערג און די הייכן
וועלן אויסברעכן פאַר אייך אין געזאַנג,
און אַלע ביימער פון פעלד
וועלן קלאַפּן די הענט.
13 אָנשטאָט דאָרן וועט אויפגיין אַ ציפּרעס,
און אָנשטאָט ווילדגעוועקס וועט אויפגיין אַ מירט;
און עס וועט זיין פאַר אַ נאָמען צו גאָט,
פאַר אַן אייביקן צייכן וואָס וועט ניט פאַרשניטן ווערן.

ו כִּי פֵאֲרָךְ׃ דִּרְשׁוּ יְהוָה בְּהִמָּצְאוֹ קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ
ז קָרוֹב׃ יַעֲזֹב רָשָׁע דַּרְכּוֹ וְאִישׁ אָוֶן מַחְשְׁבֹתָיו וְיָשֹׁב אֶל־
ח יְהוָה וִירַחֲמֵהוּ וְאֶל־אֱלֹהֵינוּ כִּי־יַרְבֶּה לִסְלוֹחַ׃ כִּי לֹא
מַחְשְׁבוֹתַי מַחְשְׁבוֹתֵיכֶם וְלֹא דַרְכֵיכֶם דְּרָכָי נְאֻם יְהוָה׃
ט כִּי־גָבְהוּ שָׁמַיִם מֵאָרֶץ כֵּן גָּבְהוּ דְרָכַי מִדַּרְכֵיכֶם
י וּמַחְשְׁבֹתַי מִמַּחְשְׁבֹתֵיכֶם׃ כִּי כַּאֲשֶׁר יֵרֵד הַגֶּשֶׁם וְהַשֶּׁלֶג
מִן־הַשָּׁמַיִם וְשָׁמָּה לֹא יָשׁוּב כִּי אִם־הִרְוָה אֶת־הָאָרֶץ
יא וְהוֹלִידָהּ וְהִצְמִיחָהּ וְנָתַן זֶרַע לַזֹּרֵעַ וְלֶחֶם לָאֹכֵל׃ כֵּן יִהְיֶה
דְבָרִי אֲשֶׁר יֵצֵא מִפִּי לֹא־יָשׁוּב אֵלַי רֵיקָם כִּי אִם־עָשָׂה
יב אֶת־אֲשֶׁר חָפַצְתִּי וְהִצְלִיחַ אֲשֶׁר שְׁלַחְתִּיו׃ כִּי־בְשִׂמְחָה
תֵצֵאוּ וּבְשָׁלוֹם תּוּבָלוּן הֶהָרִים וְהַגְּבָעוֹת יִפְצְחוּ לִפְנֵיכֶם
יג רִנָּה וְכָל־עֲצֵי הַשָּׂדֶה יִמְחֲאוּ־כָף׃ תַּחַת הַנַּעֲצוּץ יַעֲלֶה
בְרוֹשׁ תַּחַת הַסִּרְפַּד יַעֲלֶה הֲדַס וְהָיָה לַיהוָה לְשֵׁם לְאוֹת
עוֹלָם לֹא יִכָּרֵת׃

נו

א כֹּה אָמַר יְהוָה שִׁמְרוּ מִשְׁפָּט וַעֲשׂוּ צְדָקָה כִּי־קְרוֹבָה
ב יְשׁוּעָתִי לָבוֹא וְצִדְקָתִי לְהִגָּלוֹת׃ אַשְׁרֵי אֱנוֹשׁ יַעֲשֶׂה־
זֹּאת וּבֶן־אָדָם יַחֲזִיק בָּהּ שֹׁמֵר שַׁבָּת מֵחַלְּלוֹ וְשֹׁמֵר יָדוֹ
ג מֵעֲשׂוֹת כָּל־רָע׃ וְאַל־יֹאמַר בֶּן־הַנֵּכָר הַנִּלְוָה אֶל־יְהוָה
לֵאמֹר הַבְדֵּל יַבְדִּילַנִי יְהוָה מֵעַל עַמּוֹ וְאַל־יֹאמַר הַסָּרִיס
ד הֵן אֲנִי עֵץ יָבֵשׁ׃ כִּי־כֹה ׀ אָמַר יְהוָה לַסָּרִיסִים אֲשֶׁר
יִשְׁמְרוּ אֶת־שַׁבְּתוֹתַי וּבָחֲרוּ בַּאֲשֶׁר חָפָצְתִּי וּמַחֲזִיקִים
ה בִּבְרִיתִי׃ וְנָתַתִּי לָהֶם בְּבֵיתִי וּבְחוֹמֹתַי יָד וָשֵׁם טוֹב
מִבָּנִים וּמִבָּנוֹת שֵׁם עוֹלָם אֶתֶּן־לוֹ אֲשֶׁר לֹא יִכָּרֵת׃
ו וּבְנֵי הַנֵּכָר הַנִּלְוִים עַל־יְהוָה לְשָׁרְתוֹ וּלְאַהֲבָה אֶת־שֵׁם
יְהוָה לִהְיוֹת לוֹ לַעֲבָדִים כָּל־שֹׁמֵר שַׁבָּת מֵחַלְּלוֹ וּמַחֲזִיקִים
ז בִּבְרִיתִי׃ וַהֲבִיאוֹתִים אֶל־הַר קָדְשִׁי וְשִׂמַּחְתִּים בְּבֵית

נה, ה׳ עד סוף   ו׳ הפטרה לתענית צבור   יג׳ ותחת ק   פתח באתנח

נו 1 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
היט רעכט, און טוט גערעכטיקייט,
וואָרום נאָנט איז מיין הילף צו קומען,
און מיין גערעכטיקייט זיך צו אַנטפּלעקן.
2 ווויל צו דעם מאַן וואָס טוט דאָסדאָזיקע,
און דעם מענטשנקינד וואָס האַלט זיך דעראָן!
וואָס היט שבת, אים ניט צו פאַרשוועכן,
און היט זיין האַנט פון צו טאָן אַ שום בייז.
3 און ניט זאָגן זאָל דער פרעמדגעבאָרענער,
וואָס באַהעפט זיך צו גאָט, אַזוי צו זאָגן:
אָפּזונדערן וועט מיך אָפּזונדערן
גאָט פון זיין פאָלק;
און ניט זאָגן זאָל דער סריס:
זע, איך בין אַ טרוקענער בוים.
4 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט
אויף די סריסים וואָס היטן מיינע שבתים,
און וויילן אויס דאָס וואָס איך וויל,
און האַלטן זיך אָן מיין בונד:
5 זיי וועל איך געבן אין מיין הויז
און אין מיינע מויערן
אַן אָנדענק און אַ נאָמען,
בעסער פון זין און פון טעכטער;
אַן אייביקן נאָמען וועל איך זיי געבן,
וואָס וועט ניט פאַרשניטן ווערן.
6 און די פרעמדגעבאָרענע וואָס באַהעפטן זיך צו גאָט,
אים צו טאָן דינסט,
און ליב צו האָבן דעם נאָמען פון גאָט,
אים צו זיין פאַר קנעכט;
איטלעכער וואָס היט שבת אים ניט צו פאַרשוועכן,
און האַלט זיך אָן מיין בונד,
7 זיי וועל איך ברענגען צו מיין הייליקן באַרג,
און וועל זיי דערפרייען אין מיין הויז פון געבעט;

תְּפִלָּתִי עוֹלֹתֵיהֶם וְזִבְחֵיהֶם לְרָצוֹן עַל־מִזְבְּחִי כִּי בֵיתִי
בֵּית־תְּפִלָּה יִקָּרֵא לְכָל־הָעַמִּים׃ נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה מְקַבֵּץ ח
נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל עוֹד אֲקַבֵּץ עָלָיו לְנִקְבָּצָיו׃ כֹּל חַיְתוֹ שָׂדָי ט
אֵתָיוּ לֶאֱכֹל כָּל־חַיְתוֹ בַּיָּעַר׃ צֹפָו עִוְרִים כֻּלָּם לֹא י
יָדָעוּ כֻּלָּם כְּלָבִים אִלְּמִים לֹא יוּכְלוּ לִנְבֹּחַ הֹזִים שֹׁכְבִים
אֹהֲבֵי לָנוּם׃ וְהַכְּלָבִים עַזֵּי־נֶפֶשׁ לֹא יָדְעוּ שָׂבְעָה וְהֵמָּה יא
רֹעִים לֹא יָדְעוּ הָבִין כֻּלָּם לְדַרְכָּם פָּנוּ אִישׁ לְבִצְעוֹ
מִקָּצֵהוּ׃ אֵתָיוּ אֶקְחָה־יַיִן וְנִסְבְּאָה שֵׁכָר וְהָיָה כָזֶה יוֹם יב
מָחָר גָּדוֹל יֶתֶר מְאֹד׃

נז

הַצַּדִּיק אָבָד וְאֵין אִישׁ שָׂם עַל־לֵב וְאַנְשֵׁי־חֶסֶד נֶאֱסָפִים א
בְּאֵין מֵבִין כִּי־מִפְּנֵי הָרָעָה נֶאֱסַף הַצַּדִּיק׃ יָבוֹא שָׁלוֹם ב
יָנוּחוּ עַל־מִשְׁכְּבוֹתָם הֹלֵךְ נְכֹחוֹ׃ וְאַתֶּם קִרְבוּ־הֵנָּה ג
בְּנֵי עֹנְנָה זֶרַע מְנָאֵף וַתִּזְנֶה׃ עַל־מִי תִּתְעַנָּגוּ עַל־מִי ד
תַּרְחִיבוּ פֶה תַּאֲרִיכוּ לָשׁוֹן הֲלוֹא־אַתֶּם יִלְדֵי־פֶשַׁע זֶרַע
שָׁקֶר׃ הַנֵּחָמִים בָּאֵלִים תַּחַת כָּל־עֵץ רַעֲנָן שֹׁחֲטֵי הַיְלָדִים ה
בַּנְּחָלִים תַּחַת סְעִפֵי הַסְּלָעִים׃ בְּחַלְּקֵי־נַחַל חֶלְקֵךְ הֵם ו
הֵם גּוֹרָלֵךְ גַּם־לָהֶם שָׁפַכְתְּ נֶסֶךְ הֶעֱלִית מִנְחָה הַעַל
אֵלֶּה אֶנָּחֵם׃ עַל הַר־גָּבֹהַּ וְנִשָּׂא שַׂמְתְּ מִשְׁכָּבֵךְ גַּם־ ז
שָׁם עָלִית לִזְבֹּחַ זָבַח׃ וְאַחַר הַדֶּלֶת וְהַמְּזוּזָה שַׂמְתְּ ח
זִכְרוֹנֵךְ כִּי מֵאִתִּי גִּלִּית וַתַּעֲלִי הִרְחַבְתְּ מִשְׁכָּבֵךְ וַתִּכְרָת־
לָךְ מֵהֶם אָהַבְתְּ מִשְׁכָּבָם יָד חָזִית׃ וַתָּשֻׁרִי לַמֶּלֶךְ ט
בַּשֶּׁמֶן וַתַּרְבִּי רִקֻּחָיִךְ וַתְּשַׁלְּחִי צִרַיִךְ עַד־מֵרָחֹק וַתַּשְׁפִּילִי
עַד־שְׁאוֹל׃ בְּרֹב דַּרְכֵּךְ יָגַעַתְּ לֹא אָמַרְתְּ נוֹאָשׁ חַיַּת י
יָדֵךְ מָצָאת עַל־כֵּן לֹא חָלִית׃ וְאֶת־מִי דָּאַגְתְּ וַתִּירְאִי כִּי יא
תְכַזֵּבִי וְאוֹתִי לֹא זָכַרְתְּ לֹא־שַׂמְתְּ עַל־לִבֵּךְ הֲלֹא אֲנִי
מַחְשֶׁה וּמֵעֹלָם וְאוֹתִי לֹא תִירָאִי׃ אֲנִי אַגִּיד צִדְקָתֵךְ יב

---

נו, ח׳ עד כאן י׳ צ׳ ובס״א צופיו קרי קמץ בס״ק נז, א׳ קמץ בס״ק . ט׳ חסר י׳

ווייערע בראַנדאָפּפער און ווייערע שלאַכטאָפּפער
וועלן זיין צו באַווילִיקונג אויף מיין מזבח;
וואָרום מיין הויז וועט גערופן ווערן
דאָס הויז פון געבעט פאַר אַלע פעלקער.
8 אַזוי זאָגט גאָט דער האַר,
דער וואָס זאַמלט אַיין די פאַרשטויסענע פון ישׂראל:
איך וועל נאָך אַיינזאַמלען צו אים,
די וואָס פלעגן זיך אַיינזאַמלען קעגן אים.

9 אַלע חיות פון פעלד, קומט אַהער עסן,
אַלע חיות אין וואַלד!
10 זיינע וועכטער זיינען בלינדע אַלע,
זיי ווייסן גאָרניט;
שטומע הינט זיינען זיי אַלע,
זיי קענען ניט בילן;
זיי ליגן און חלומען,
זיי האָבן ליב שלאָפן.
11 און די הינט זיינען ווילד זשעדנע,
זיי ווייסן ניט פון זעט;
און יענע זיינען פאַסטוכער
וואָס ווייסן ניט אַכט צו געבן;
זיי אַלע קערן זיך צו זייער וועג,
איטלעכער צו זיין גייציקייט, פון עק צו עק.
12 „קומט, איך וועל ברענגען וויין,
און לאָמיר זויפן דעם טרונק;
און ווי דער אַזוי זאָל זיין מאָרגעדיקער טאָג,
און גרעסער נאָך פיל".

נז

1 דער גערעכטער גייט אונטער,
און קיין מענטש נעמט ניט צום האַרצן,
און פרומע לייט ווערן אַוועקגענומען,
און קיינער באַטראַכט ניט,
אַז פון וועגן דער שלעכטיקייט
איז אַוועקגענומען געוואָרן דער גערעכטער.
2 ער גייט צו זיין פריד;
אויף זייערע קבר־געלעגערס רוען
די וואָס זיינען געגאַנגען אין זייער ערלעכקייט.

3 און איר גענענט אַהער,
זין פון אַ כישופמאַכערין,
זאָמען פון אַ נואף און אַ זונה.
4 אויף וועמען מאַכט איר אַייך לוסטיק?
אויף וועמען רייסט איר אויף דאָס מויל,
שטעקט איר אַרויס אַ צונג?
פאַרוואָר, איר זייט קינדער פון פאַרברעך,
זאָמען פון ליגן,
5 איר וואָס דערהיצט אַייך צווישן די אייכנביימער,
אונטער יעטוועדער צווייגהאַפטיקן בוים;
וואָס שעכט די קינדער אין די טאָלן,
אונטער די שפּאַלטן פון די פעלזן.
6 צווישן די גלאַטע שטיינער פון טאָל איז דיין טייל[א],
זיי, זיי זיינען דיין גורל;
צו זיי אויך האָסטו געגאָסן גיסאָפּפער,
האָסטו אויפגעבראַכט שפּייזאָפּפער.
זאָל איך וועגן דעם זיך באַרועןְ?
7 אויף אַ הויכן און דערהויבענעם באַרג
האָסטו דיין געלעגער געמאַכט;
אַהין אויך ביסטו אַרויפגעגאַנגען
שלאַכטאָפּפער צו שלאַכטן.
8 און הינטער דער טיר און דעם בײשטידל
האָסטו אַרויפגעטאָן דיין דערמאָנצייכן,
וואָרום פון מיר ביסטו אָפּן אַוועקגעגאַנגען;
האָסט ברייט געמאַכט דיין געלעגער,
און האָסט דיר אויסגעקליבן פון די
וואָס דו האָסט זייער געלעגער ליב געהאַט,
זייער האַנט געזען.
9 און ביסט געגאַנגען צום מלך מיט זאַלב,
און האָסט געמערט דיינע בשׂמים;
און האָסט געשיקט דיינע שלוחים ביז אין דער ווייט,
און ביז אין אונטערערד געמאַכט נידערן.
10 פון דיינע פיל וועגן ביסטו מיד געוואָרן,
אָבער האָסט ניט געזאָגט: פאַרפאַלן!
שטאַרקייט אין דיין האַנט האָסטו געפונען,
דרום האָסטו זיך ניט געקימערט.
11 און פאַר וועמען האָסטו זיך געשראָקן און מורא געהאַט,
אַז דו זאָלסט זיך פאַרשטעלן?
אַז אָן מיר האָסטו ניט געדאַכט,
ניט גענומען זיך צום האַרצן;
פאַרוואָר, איך שווייג, און פון אייביק אָן,
דרום האָסטו ניט מורא פאַר מיר.
12 וועל איך דערציילן דיין „גערעכטיקייט",

[א] וואָרטשפּיל: בְּחַלְּקֵי נַחַל חֶלְקֵךְ.

אוּן דײַנע מעשׂים, זײ װעלן דיר ניט גוטס טאָן.
13 אַז דו שרײַסט, זאָלן דײַנע געזעמלען דיך מציל זײַן;
אָבער זײ אַלעמען װעט דער װינט אַװעקטראָגן,
װעט אַ הױך אַװעקנעמען;
און דער װאָס באַשיצט זיך אין מיר
װעט אַרבן דאָס לאַנד,
און ירשענען מײַן הײליקן באַרג.
14 און ער װעט זאָגן:
טרעט אױס, טרעט אױס, ראַמט אָפּ דעם װעג,
הײבט אױף די שטרױכלונג
פון דעם װעג פון מײַן פאָלק.
15 װאָרום אַזױ זאָגט דער הױכער און דערהױבענער,
דער װאָס רוט אײביק, און הײליק איז זײַן נאָמען:
אין הױכקײט און הײליקײט טו איך רוען,
אָבער אױך בײַם דערשלאָגענעם און געפאַלענעם אין
געמיט,
אױפצולעבן דאָס געמיט פון געפאַלענע,
און אױפצולעבן דאָס האַרץ פון דערשלאָגענע.
16 װאָרום ניט אײביק טו איך קריגן,
און ניט תמיד טו איך צערענען;
װאָרום דער גײסט װאָס באַקלײדט זיך, איז פון מיר,
און די נשמות האָב איך געמאַכט.
17 פאַר דער זינד פון זײַן גײַציקײט
האָב איך געצערנט, און אים געשלאָגן,
מיך פאַרבאָרגן און געצערנט,
װײל ער איז אָפּקערעריש געגאַנגען
אין װעג פון זײַן האַרצן.
18 איך האָב געזען זײַנע װעגן,
אָבער איך װעל אים הײלן, און װעל אים פירן,
און װעל באַצאָלן נחמות
אים און זײַנע טרױערער.
19 איך באַשאַף אַ ליפּנפרוכט:
„שלום, שלום צום נאָענטן און צום װײַטן!"
זאָגט גאָט,
און איך װעל אים הײלן.
20 אָבער די רשעים זײַנען װי אַ ים אַ געטריבענער,
װאָס קען זיך ניט אײַנשטילן,
און זײַנע װאַסערן טרײַבן קױט און לײם.
21 ניטאָ קײן שלום, זאָגט מײַן גאָט,
פאַר די רשעים.

נח 1 רוף מיט קעל, זאָלסט ניט צוריקהאַלטן,
אַזױ װי אַ שופר הײב אױף דײַן קול,
און זאָג מײַן פאָלק זײער פאַרברעך,
און דעם הױז פון יעקב זײערע זינד.
2 און זײ זוכן מיך נאָך טאָג פאַר טאָג,
און װיסן מײַנע װעגן באַגערן זײ!
אַזױ װי אַ פאָלק װאָס טוט גערעכטיקײט,
און פאַרלאָזט ניט דאָס געזעץ פון זײַן גאָט,
פאַרלאַנגען זײ פון מיר משפּטים גערעכטע,
די נאָענטקײט פון גאָט באַגערן זײ.
3 „פאַרװאָס פאַסטן מיר, און דו זעסט ניט?
פּײַניקן מיר אונדזער זעל, און דו מערקסט ניט?"
זעט, אין טאָג פון אײַער פאַסטן געפינט איר אַן עסק,
און אַלע אײַערע אַרבעטער טוט איר דריקן.

יג וְאֶת־מַעֲשַׂיִךְ וְלֹא יוֹעִילוּךְ׃ בְּזַעֲקֵךְ יַצִּילֻךְ קִבּוּצַיִךְ וְאֶת־
כֻּלָּם יִשָּׂא־רוּחַ יִקַּח־הָבֶל וְהַחוֹסֶה בִי יִנְחַל־אֶרֶץ וְיִירַשׁ
יד הַר־קָדְשִׁי׃ וְאָמַר סֹלּוּ־סֹלּוּ פַּנּוּ־דָרֶךְ הָרִימוּ מִכְשׁוֹל
טו מִדֶּרֶךְ עַמִּי׃ כִּי כֹה אָמַר רָם וְנִשָּׂא שֹׁכֵן עַד וְקָדוֹשׁ
שְׁמוֹ מָרוֹם וְקָדוֹשׁ אֶשְׁכּוֹן וְאֶת־דַּכָּא וּשְׁפַל־רוּחַ לְהַחֲיוֹת
טז רוּחַ שְׁפָלִים וּלְהַחֲיוֹת לֵב נִדְכָּאִים׃ כִּי לֹא לְעוֹלָם אָרִיב
וְלֹא לָנֶצַח אֶקְּצוֹף כִּי־רוּחַ מִלְּפָנַי יַעֲטוֹף וּנְשָׁמוֹת אֲנִי
יז עָשִׂיתִי׃ בַּעֲוֺן בִּצְעוֹ קָצַפְתִּי וְאַכֵּהוּ הַסְתֵּר וְאֶקְצֹף וַיֵּלֶךְ
יח שׁוֹבָב בְּדֶרֶךְ לִבּוֹ׃ דְּרָכָיו רָאִיתִי וְאֶרְפָּאֵהוּ וְאַנְחֵהוּ וַאֲשַׁלֵּם
יט נִחֻמִים לוֹ וְלַאֲבֵלָיו׃ בּוֹרֵא נִוב שְׂפָתָיִם שָׁלוֹם ׀ שָׁלוֹם
כ לָרָחוֹק וְלַקָּרוֹב אָמַר יְהוָה וּרְפָאתִיו׃ וְהָרְשָׁעִים כַּיָּם
כא נִגְרָשׁ כִּי הַשְׁקֵט לֹא יוּכָל וַיִּגְרְשׁוּ מֵימָיו רֶפֶשׁ וָטִיט׃ אֵין
שָׁלוֹם אָמַר אֱלֹהַי לָרְשָׁעִים׃

נח

א קְרָא בְגָרוֹן אַל־תַּחְשֹׂךְ כַּשּׁוֹפָר הָרֵם קוֹלֶךָ וְהַגֵּד לְעַמִּי
ב פִּשְׁעָם וּלְבֵית יַעֲקֹב חַטֹּאתָם׃ וְאוֹתִי יוֹם יוֹם יִדְרֹשׁוּן
וְדַעַת דְּרָכַי יֶחְפָּצוּן כְּגוֹי אֲשֶׁר־צְדָקָה עָשָׂה וּמִשְׁפַּט
אֱלֹהָיו לֹא עָזָב יִשְׁאָלוּנִי מִשְׁפְּטֵי־צֶדֶק קִרְבַת אֱלֹהִים
ג יֶחְפָּצוּן׃ לָמָּה צַּמְנוּ וְלֹא רָאִיתָ עִנִּינוּ נַפְשֵׁנוּ וְלֹא תֵדָע
ד הֵן בְּיוֹם צֹמְכֶם תִּמְצְאוּ־חֵפֶץ וְכָל־עַצְּבֵיכֶם תִּנְגֹּשׂוּ׃ הֵן
לְרִיב וּמַצָּה תָּצוּמוּ וּלְהַכּוֹת בְּאֶגְרֹף רֶשַׁע לֹא־תָצוּמוּ
ה כַיּוֹם לְהַשְׁמִיעַ בַּמָּרוֹם קוֹלְכֶם׃ הֲכָזֶה יִהְיֶה צוֹם אֶבְחָרֵהוּ
יוֹם עַנּוֹת אָדָם נַפְשׁוֹ הֲלָכֹף כְּאַגְמֹן רֹאשׁוֹ וְשַׂק וָאֵפֶר
ו יַצִּיעַ הֲלָזֶה תִּקְרָא־צוֹם וְיוֹם רָצוֹן לַיהוָה׃ הֲלוֹא זֶה
צוֹם אֶבְחָרֵהוּ פַּתֵּחַ חַרְצֻבּוֹת רֶשַׁע הַתֵּר אֲגֻדּוֹת מוֹטָה
ז וְשַׁלַּח רְצוּצִים חָפְשִׁים וְכָל־מוֹטָה תְּנַתֵּקוּ׃ הֲלוֹא פָרֹס
לָרָעֵב לַחְמֶךָ וַעֲנִיִּים מְרוּדִים תָּבִיא בָיִת כִּי־תִרְאֶה עָרֹם

נ ז, יד׳ הפטרת יום כפור לשחרית   יט׳ ניב קרי   כ׳ קמץ בז״ק
נח, ב׳ קמץ בזק   ג׳ דצי׳ בדגש

4 איר פאַסט דאָך נאָר פאַר קריג און שטרײַט,
און צו שלאָגן מיטן פױסט פון אומרעכט;
איר פאַסט ניט אין אַזאַ טאָג
צו מאַכן הערן אין דער הײך אײַער קול.
5 איז אַזאַ דאָס פאַסטן װאָס איך האָב אױסגעװײלט?
אַ טאָג פאַר אַ מענטשן צו פּײניקן זײַן זעל?
צו בײגן װי אַ װאַסעררײטל זײַן קאָפּ,
און זאַק און אַש זאָל ער זיך אױסבעטן?
צי דאָס רופסטו פאַסטן,
און אַ טאָג פון באַװיליקונג צו גאָט?
6 איז ניט דאָס דאָס פאַסטן װאָס איך האָב אױסגעװײלט:
לױז מאַכן די קײטן פון אומרעכט,
אָפּבינדן די בינדשטריק פון יאָך,
און אַרױסלאָזן פרײ די געדריקטע,
און יעטװעדער יאָך זאָלט איר צעברעכן?
7 איז עס ניט, אָפּצוברעכן פון דײַן ברױט דעם הונגעריקן,
און פאַרװאָגלטע אָרימע זאָלסטו אַרײַנברענגען אין הױז?
אַז דו זעסט אַ נאַקעטן, זאָלסטו אים באַדעקן,

וְכִסִּיתוֹ וּמִבְּשָׂרְךָ לֹא תִתְעַלָּם׃ אָז יִבָּקַע כַּשַּׁחַר אוֹרֶךָ ח
וַאֲרֻכָתְךָ מְהֵרָה תִצְמָח וְהָלַךְ לְפָנֶיךָ צִדְקֶךָ כְּבוֹד יְהוָה
יַאַסְפֶךָ׃ אָז תִּקְרָא וַיהוָה יַעֲנֶה תְּשַׁוַּע וְיֹאמַר הִנֵּנִי אִם־ ט
תָּסִיר מִתּוֹכְךָ מוֹטָה שְׁלַח אֶצְבַּע וְדַבֶּר־אָוֶן׃ וְתָפֵק י
לָרָעֵב נַפְשֶׁךָ וְנֶפֶשׁ נַעֲנָה תַּשְׂבִּיעַ וְזָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹרֶךָ
וַאֲפֵלָתְךָ כַּצָּהֳרָיִם׃ וְנָחֲךָ יְהוָה תָּמִיד וְהִשְׂבִּיעַ בְּצַחְצָחוֹת יא
נַפְשֶׁךָ וְעַצְמֹתֶיךָ יַחֲלִיץ וְהָיִיתָ כְּגַן רָוֶה וּכְמוֹצָא מַיִם אֲשֶׁר
לֹא־יְכַזְּבוּ מֵימָיו׃ וּבָנוּ מִמְּךָ חָרְבוֹת עוֹלָם מוֹסְדֵי דוֹר־ יב
וָדוֹר תְּקוֹמֵם וְקֹרָא לְךָ גֹּדֵר פֶּרֶץ מְשֹׁבֵב נְתִיבוֹת לָשָׁבֶת׃
אִם־תָּשִׁיב מִשַּׁבָּת רַגְלֶךָ עֲשׂוֹת חֲפָצֶךָ בְּיוֹם קָדְשִׁי וְקָרָאתָ יג
לַשַּׁבָּת עֹנֶג לִקְדוֹשׁ יְהוָה מְכֻבָּד וְכִבַּדְתּוֹ מֵעֲשׂוֹת דְּרָכֶיךָ
מִמְּצוֹא חֶפְצְךָ וְדַבֵּר דָּבָר׃ אָז תִּתְעַנַּג עַל־יְהוָה וְהִרְכַּבְתִּיךָ יד
עַל־בָּמֳתֵי אָרֶץ וְהַאֲכַלְתִּיךָ נַחֲלַת יַעֲקֹב אָבִיךָ כִּי פִּי
יְהוָה דִּבֵּר׃

נט

הֵן לֹא־קָצְרָה יַד־יְהוָה מֵהוֹשִׁיעַ וְלֹא־כָבְדָה אָזְנוֹ מִשְּׁמוֹעַ׃ א
כִּי אִם־עֲוֺנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹהֵיכֶם ב
וְחַטֹּאותֵיכֶם הִסְתִּירוּ פָנִים מִכֶּם מִשְּׁמוֹעַ׃ כִּי כַפֵּיכֶם ג
נְגֹאֲלוּ בַדָּם וְאֶצְבְּעוֹתֵיכֶם בֶּעָוֺן שִׂפְתוֹתֵיכֶם דִּבְּרוּ־שֶׁקֶר
לְשׁוֹנְכֶם עַוְלָה תֶהְגֶּה׃ אֵין־קֹרֵא בְצֶדֶק וְאֵין נִשְׁפָּט ד
בֶּאֱמוּנָה בָּטוֹחַ עַל־תֹּהוּ וְדַבֶּר־שָׁוְא הָרוֹ עָמָל וְהוֹלֵיד אָוֶן׃
בֵּיצֵי צִפְעוֹנִי בִּקֵּעוּ וְקוּרֵי עַכָּבִישׁ יֶאֱרֹגוּ הָאֹכֵל מִבֵּיצֵיהֶם ה
יָמוּת וְהַזּוּרֶה תִּבָּקַע אֶפְעֶה׃ קוּרֵיהֶם לֹא־יִהְיוּ לְבֶגֶד וְלֹא ו
יִתְכַּסּוּ בְּמַעֲשֵׂיהֶם מַעֲשֵׂיהֶם מַעֲשֵׂי־אָוֶן וּפֹעַל חָמָס
בְּכַפֵּיהֶם׃ רַגְלֵיהֶם לָרַע יָרֻצוּ וִימַהֲרוּ לִשְׁפֹּךְ דָּם נָקִי ז
מַחְשְׁבוֹתֵיהֶם מַחְשְׁבוֹת אָוֶן שֹׁד וָשֶׁבֶר בִּמְסִלּוֹתָם׃ דֶּרֶךְ ח
שָׁלוֹם לֹא יָדָעוּ וְאֵין מִשְׁפָּט בְּמַעְגְּלוֹתָם נְתִיבוֹתֵיהֶם עִקְּשׁוּ

---

נח, יד׳ יתיר ו׳   עד כאן   נט, ב׳ מלא ו׳   ח׳ קמץ בז״ק

און פון דיין אייגן פלייש זאָלסטו זיך ניט פאַרהוילן?
8 דענסמאָל וועט אויסברעכן ווי דער פרימאָרגן דיין ליכט,
און דיין היילונג וועט אַרויסשפּראָצן גיך;
און דיר פאַרויס וועט גיין דיין גערעכטיקייט,
און די פּראַכט פון גאָט וועט דיך נאָכבאַלייטן.
9 דענסמאָל וועסטו רופן, און גאָט וועט ענטפערן;
וועסט שרייען, און ער וועט זאָגן: דאָ בין איך!
אַז דו וועסט אָפּטאָן פון צווישן דיר פאַריאָכונג,
טייטלען מיטן פינגער, און רעדן אומרעכט;
10 און וועסט אויסשטרעקן צום הונגעריקן דיין זעל,
און די געדריקטע זעל וועסטו זעטן;
דענסמאָל וועט אויפשיינען אין חושך דיין ליכט,
און דיין פינצטערקייט ווי מיטן טאָג.
11 און גאָט וועט דיך פירן תּמיד,
און וועט זעטן אין טריקענישן דיין זעל,
און דיינע ביינער וועט ער שטאַרקן;
און וועסט זיין ווי אַ גאָרטן אַן אָנגעטרונקענער,
און ווי אַן אויסגאַנג וואַסער
וואָס זיינע וואַסערן טוען ניט פעלשן.
12 און מע וועט אָפּבויען ביי דיר אייביקע חורבות,
גרונטפעסטן פון דור־דורות וועסטו אויפשטעלן;
און מע וועט דיך רופן פאַרמויערער פון בראָכן,
באַנייער פון וועגן צום וווינען.
13 אַז דו וועסט אָפּהאַלטן צוליב שבת דיין פוס,
פון טאָן דיינע עסקים אין מיין הייליקן טאָג;
און וועסט רופן שבת אַ תּענוג,
דעם הייליקן [טאָג] פון גאָט, גערערלעכט;
און וועסט אים ערלעכן, ניט צו טאָן דיינע גאַנגען,
ניט צו געפינען דיר אַן עסק, אָדער אָפּרעדן אַ זאַך;
14 דענסמאָל וועסטו זיך קוויקן מיט גאָט,
און איך וועל דיך אַרויפזעצן אויף די הייכן פון דער ערד,
און דיך מאַכן עסן די אַרב פון דיין פאָטער יעקב;
וואָרום דאָס מויל פון גאָט האָט גערעדט.

נט 1 זעט, די האַנט פון גאָט איז ניט קורץ צו העלפן,
און זיין אויער איז ניט שווער צו הערן;
2 נאָר אַייערע זינד פלעגן צעשיידן
צווישן אַייך און אַייער גאָט,
און אַייערע חטאים האָבן פאַרבאָרגן זיין פּנים פון אַייך,
ניט צוצוהערן.
3 וואָרום אַייערע הענט זיינען באַפלעקט מיט בלוט,
און אַייערע פינגער מיט זינד;
אַייערע ליפּן זאָגן ליגן,
אַייער צונג רעדט אומרעכט.
4 קיינער לאָדט ניט מיט גערעכטיקייט,
און קיינער טענהט ניט מיט אמת;
מע פאַרזיכערט זיך אויף נישט, און מע רעדט פאַלש,
מע טראָגט אומגליק, און מע געבערט אומרעכט.
5 אייער פון אַ שלאַנג בריען זיי אויס,
און שפּינוועבס טוען זיי וועבן;
דער וואָס עסט פון זייערע אייער שטאַרבט,
און דאָס צעדריקטע ברעכט אויס אין אַ נאָטערשלאַנג.
6 זייערע געוועבן זיינען ניט אויף אַ בגד,
און מען קען זיך ניט צודעקן מיט זייערע אַרבעט;
זייערע אַרבעט איז אַרבעט פון אומרעכט,
און אויפטו פון רויב איז אין זייערע הענט.
7 זייערע פיס לויפן צו שלעכטס,
און זיי אַיילן צו פאַרגיסן אומשולדיק בלוט;
זייערע טראַכטונגען זיינען טראַכטונגען פון אומרעכט,
פאַרוויסטונג און בראָך זיינען אין זייערע שליאַכן.
8 דעם וועג פון שלום ווייסן זיי ניט,
און ניטאָ קיין גערעכטיקייט אין זייערע גענג;

ווי האָבן פאַרקרימט זייערע שטעגן,
קיינער וואָס טרעט דערויף ווייס ניט פון שלום.

9 דרום איז גערעכטיקייט ווייט פון אונדז,
און אונדז דערגרייכט ניט קיין הילף;
מיר האָפן אויף ליכט, ערשט עס איז חושך,
אויף שיין, און מיר גייען אין פינצטערניש.
10 מיר טאַפּן ווי בלינדע אָן דער וואַנט,
און אַזוי ווי אָן אויגן טאַפּן מיר אַרום;
מיר שטרויכלען אין מיטן טאָג, ווי אין אָוונט,
מיר זיינען אין חושכנישן אַזוי ווי די מתים.
11 מיר ברומען ווי די בערן אַלע,
און קלאָגן ווי די טויבן קלאָגן מיר;
מיר האָפן אויף גערעכטיקייט, און ניטאָ,
אויף אַ ישועה, און זי איז ווייט פון אונדז.
12 וואָרום פיל זיינען אונדזערע פאַרברעכן פאַר דיר,
און אונדזערע חטאים זאָגן עדות קעגן אונדז;
וואָרום אונדזערע פאַרברעכן זיינען ביי אונדז,
און אונדזערע זינד—זיי ווייסן מיר וויל:
13 ברעכן און לייקענען אָן יהוה,
און זיך אָפּקערן פון הינטער אונדזער גאָט,
רעדן רויב און אָפּקערונג,
טראָגן און אַרויסברענגען פון האַרצן פאַלשע רייד.
14 און אָפּגעטרעטן אַהינטער איז גערעכטיקייט,
און רעכטפאַרטיקייט שטייט פון דער ווייטן,
וואָרום געשטרויכלט אין גאַס איז דער אמת,
און ערלעכקייט קען ניט אַריינקומען.
15 און דער אמת פעלט,
און דער וואָס קערט זיך אָפּ פון בייז,
ווערט פאַר משוגע געהאַלטן.

און גאָט האָט געזען,
און עס איז געווען שלעכט אין זיינע אויגן,
וואָס קיין גערעכטיקייט איז ניטאָ.
16 און ער האָט געזען, אַז קיין מענטש איז ניטאָ,
און זיך פאַרוווּנדערט, וואָס קיינער שטעלט זיך ניט אַיין;
האָט אים זיין אָרעם געהאָלפן,
און זיין גערעכטיקייט, זי האָט אים אונטערגעלענט.
17 און ער האָט אָנגעטאָן גערעכטיקייט ווי אַ פאַנצער,
און אַ קיווער פון הילף אויף זיין קאָפּ;
און ער האָט אָנגעטאָן קליידער פון נקמה צום מלבוש,
און זיך אַיינגעוויקלט ווי אין אַ מאַנטל אין צאָרן.
18 אַזוי ווי נאָך די טואונגען, אַזוי־ערנאָך וועט ער באַצאָלן,
גרימצאָרן צו זיינע פיינט, פאַרגעלטונג צו זיינע שׂונאים;
צו די אינדזלען וועט ער פאַרגעלטונג באַצאָלן.
19 און מע וועט מוֹרא האָבן פאַרן נאָמען יהוה פון מערב,
און פון אויפגאַנג פון זון פאַר זיין פראַכט;
וואָרום דער פיינט וועט קומען ווי אַ שטראָם,
וואָס דער אָטעם פון גאָט טרייבט אים אָן.

20 און קומען וועט אַן אויסלייזער פאַר ציוֹן,
און פאַר די אָפּגעקערטע פון זינד אין יעקב,
זאָגט גאָט.
21 און איך—דאָס איז מיין בונד מיט זיי,
זאָגט גאָט:

ט לָהֶם כָּל דֹּרֵךְ בָּהּ לֹא יָדַע שָׁלוֹם׃ עַל־כֵּן רָחַק מִשְׁפָּט
מִמֶּנּוּ וְלֹא תַשִּׂיגֵנוּ צְדָקָה נְקַוֶּה לָאוֹר וְהִנֵּה־חֹשֶׁךְ לִנְגֹהוֹת
י בָּאֲפֵלוֹת נְהַלֵּךְ׃ נְגַשְׁשָׁה כַעִוְרִים קִיר וּכְאֵין עֵינַיִם
נְגַשֵּׁשָׁה כָּשַׁלְנוּ בַצָּהֳרַיִם כַּנֶּשֶׁף בָּאַשְׁמַנִּים כַּמֵּתִים׃
יא נֶהֱמֶה כַדֻּבִּים כֻּלָּנוּ וְכַיּוֹנִים הָגֹה נֶהְגֶּה נְקַוֶּה לַמִּשְׁפָּט
יב וָאַיִן לִישׁוּעָה רָחֲקָה מִמֶּנּוּ׃ כִּי־רַבּוּ פְשָׁעֵינוּ נֶגְדֶּךָ וְחַטֹּאותֵינוּ
יג עָנְתָה בָּנוּ כִּי־פְשָׁעֵינוּ אִתָּנוּ וַעֲוֹנֹתֵינוּ יְדַעֲנוּם׃ פָּשֹׁעַ וְכַחֵשׁ
בַּיהוָה וְנָסוֹג מֵאַחַר אֱלֹהֵינוּ דַּבֶּר־עֹשֶׁק וְסָרָה הֹרוֹ וְהֹגוֹ
יד מִלֵּב דִּבְרֵי־שָׁקֶר׃ וְהֻסַּג אָחוֹר מִשְׁפָּט וּצְדָקָה מֵרָחוֹק
תַּעֲמֹד כִּי־כָשְׁלָה בָרְחוֹב אֱמֶת וּנְכֹחָה לֹא־תוּכַל לָבוֹא׃
טו וַתְּהִי הָאֱמֶת נֶעְדֶּרֶת וְסָר מֵרָע מִשְׁתּוֹלֵל וַיַּרְא יְהוָה וַיֵּרַע
טז בְּעֵינָיו כִּי־אֵין מִשְׁפָּט׃ וַיַּרְא כִּי־אֵין אִישׁ וַיִּשְׁתּוֹמֵם כִּי־
יז אֵין מַפְגִּיעַ וַתּוֹשַׁע לוֹ זְרֹעוֹ וְצִדְקָתוֹ הִיא סְמָכָתְהוּ׃ וַיִּלְבַּשׁ
צְדָקָה כַּשִּׁרְיָן וְכוֹבַע יְשׁוּעָה בְּרֹאשׁוֹ וַיִּלְבַּשׁ בִּגְדֵי נָקָם
יח תִּלְבֹּשֶׁת וַיַּעַט כַּמְעִיל קִנְאָה׃ כְּעַל גְּמֻלוֹת כְּעַל יְשַׁלֵּם
יט חֵמָה לְצָרָיו גְּמוּל לְאֹיְבָיו לָאִיִּים גְּמוּל יְשַׁלֵּם׃ וְיִירְאוּ
מִמַּעֲרָב אֶת־שֵׁם יְהוָה וּמִמִּזְרַח־שֶׁמֶשׁ אֶת־כְּבוֹדוֹ כִּי־יָבוֹא
כ כַנָּהָר צָר רוּחַ יְהוָה נֹסְסָה בוֹ׃ וּבָא לְצִיּוֹן גּוֹאֵל וּלְשָׁבֵי
כא פֶשַׁע בְּיַעֲקֹב נְאֻם יְהוָה׃ וַאֲנִי זֹאת בְּרִיתִי אוֹתָם אָמַר
יְהוָה רוּחִי אֲשֶׁר עָלֶיךָ וּדְבָרַי אֲשֶׁר־שַׂמְתִּי בְּפִיךָ לֹא־
יָמוּשׁוּ מִפִּיךָ וּמִפִּי זַרְעֲךָ וּמִפִּי זֶרַע זַרְעֲךָ אָמַר יְהוָה
מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָם׃

ס

א ב קוּמִי אוֹרִי כִּי־בָא אוֹרֵךְ וּכְבוֹד יְהוָה עָלַיִךְ זָרָח׃ כִּי־
הִנֵּה הַחֹשֶׁךְ יְכַסֶּה־אֶרֶץ וַעֲרָפֶל לְאֻמִּים וְעָלַיִךְ יִזְרַח יְהוָה
ג וּכְבוֹדוֹ עָלַיִךְ יֵרָאֶה׃ וְהָלְכוּ גוֹיִם לְאוֹרֵךְ וּמְלָכִים לְנֹגַהּ
ד זַרְחֵךְ׃ שְׂאִי סָבִיב עֵינַיִךְ וּרְאִי כֻּלָּם נִקְבְּצוּ בָאוּ־לָךְ

נט, יב׳ מלא ו  טז׳ כצ״ל  יז׳ הה׳ רפה  ס, א׳ הפטרת כי תבא

מיין גייסט וואָס אויף דיר,
און מיינע ווערטער וואָס איך האָב אַריינגעטאָן אין דיין מויל,
וועלן זיך ניט אָפּטאָן פון דיין מויל,
און פון דעם מויל פון דיינע קינדער,
און פון דעם מויל פון דיינע קינדסקינדער,
זאָגט גאָט,
פון אַצונד און ביז אייביק.

ס 1 שטיי אויף, לייכט אויף, וואָרום דיין ליכט איז געקומען,
און די פראַכט פון גאָט שיינט אויף איבער דיר.
2 וואָרום זע, פינצטערניש וועט באַדעקן די ערד,
און אַ נעבל די פעלקער,
אָבער אויף דיר וועט אויפשיינען גאָט,
און זיין פראַכט וועט זיך ווייזן אויף דיר.
3 און פעלקער וועלן גיין פאַר דיין ליכט,
און מלכים פאַר דער העלקייט פון דיין שיין.

4 הייב אויף רונד אַרום דיינע אויגן, און זע:
זיי אַלע זיינען אַיינגעזאַמלט, זיי קומען צו דיר;

בָּנַיִךְ מֵרָחוֹק יָבֹאוּ וּבְנֹתַיִךְ עַל־צַד תֵּאָמַנָה׃ אָז תִּרְאִי ה
וְנָהַרְתְּ וּפָחַד וְרָחַב לְבָבֵךְ כִּי־יֵהָפֵךְ עָלַיִךְ הֲמוֹן יָם חֵיל
גּוֹיִם יָבֹאוּ לָךְ׃ שִׁפְעַת גְּמַלִּים תְּכַסֵּךְ בִּכְרֵי מִדְיָן וְעֵיפָה ו
כֻּלָּם מִשְּׁבָא יָבֹאוּ זָהָב וּלְבוֹנָה יִשָּׂאוּ וּתְהִלֹּת יְהוָה
יְבַשֵּׂרוּ׃ כָּל־צֹאן קֵדָר יִקָּבְצוּ לָךְ אֵילֵי נְבָיוֹת יְשָׁרְתוּנֶךְ ז
יַעֲלוּ עַל־רָצוֹן מִזְבְּחִי וּבֵית תִּפְאַרְתִּי אֲפָאֵר׃ מִי־אֵלֶּה ח
כָּעָב תְּעוּפֶינָה וְכַיּוֹנִים אֶל־אֲרֻבֹּתֵיהֶם׃ כִּי־לִי ׀ אִיִּים יְקַוּוּ ט
וָאֳנִיּוֹת תַּרְשִׁישׁ בָּרִאשֹׁנָה לְהָבִיא בָנַיִךְ מֵרָחוֹק כַּסְפָּם
וּזְהָבָם אִתָּם לְשֵׁם יְהוָה אֱלֹהַיִךְ וְלִקְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל כִּי
פֵאֲרָךְ׃ וּבָנוּ בְנֵי־נֵכָר חֹמֹתַיִךְ וּמַלְכֵיהֶם יְשָׁרְתוּנֶךְ כִּי י
בְקִצְפִּי הִכִּיתִיךְ וּבִרְצוֹנִי רִחַמְתִּיךְ׃ וּפִתְּחוּ שְׁעָרַיִךְ תָּמִיד יא
יוֹמָם וָלַיְלָה לֹא יִסָּגֵרוּ לְהָבִיא אֵלַיִךְ חֵיל גּוֹיִם וּמַלְכֵיהֶם
נְהוּגִים׃ כִּי־הַגּוֹי וְהַמַּמְלָכָה אֲשֶׁר לֹא־יַעַבְדוּךְ יֹאבֵדוּ יב
וְהַגּוֹיִם חָרֹב יֶחֱרָבוּ׃ כְּבוֹד הַלְּבָנוֹן אֵלַיִךְ יָבוֹא בְּרוֹשׁ יג
תִּדְהָר וּתְאַשּׁוּר יַחְדָּו לְפָאֵר מְקוֹם מִקְדָּשִׁי וּמְקוֹם רַגְלַי
אֲכַבֵּד׃ וְהָלְכוּ אֵלַיִךְ שְׁחוֹחַ בְּנֵי מְעַנַּיִךְ וְהִשְׁתַּחֲווּ עַל־ יד
כַּפּוֹת רַגְלַיִךְ כָּל־מְנַאֲצָיִךְ וְקָרְאוּ לָךְ עִיר יְהוָה צִיּוֹן קְדוֹשׁ
יִשְׂרָאֵל׃ תַּחַת הֱיוֹתֵךְ עֲזוּבָה וּשְׂנוּאָה וְאֵין עוֹבֵר וְשַׂמְתִּיךְ טו
לִגְאוֹן עוֹלָם מְשׂוֹשׂ דּוֹר וָדוֹר׃ וְיָנַקְתְּ חֲלֵב גּוֹיִם וְשֹׁד טז
מְלָכִים תִּינָקִי וְיָדַעַתְּ כִּי אֲנִי יְהוָה מוֹשִׁיעֵךְ וְגֹאֲלֵךְ אֲבִיר
יַעֲקֹב׃ תַּחַת הַנְּחֹשֶׁת אָבִיא זָהָב וְתַחַת הַבַּרְזֶל אָבִיא יז
כֶסֶף וְתַחַת הָעֵצִים נְחֹשֶׁת וְתַחַת הָאֲבָנִים בַּרְזֶל וְשַׂמְתִּי
פְקֻדָּתֵךְ שָׁלוֹם וְנֹגְשַׂיִךְ צְדָקָה׃ לֹא־יִשָּׁמַע עוֹד חָמָס יח
בְּאַרְצֵךְ שֹׁד וָשֶׁבֶר בִּגְבוּלָיִךְ וְקָרָאת יְשׁוּעָה חוֹמֹתַיִךְ
וּשְׁעָרַיִךְ תְּהִלָּה׃ לֹא־יִהְיֶה־לָּךְ עוֹד הַשֶּׁמֶשׁ לְאוֹר יוֹמָם יט
וּלְנֹגַהּ הַיָּרֵחַ לֹא־יָאִיר לָךְ וְהָיָה־לָךְ יְהוָה לְאוֹר עוֹלָם
וֵאלֹהַיִךְ לְתִפְאַרְתֵּךְ׃ לֹא־יָבוֹא עוֹד שִׁמְשֵׁךְ וִירֵחֵךְ לֹא כ

ד׳ רמי בפתח

דיינע זין קומען אָן פון דער ווייט,
און דיינע טעכטער ווערן אויפן זייט געטראָגן.
5 דענסמאָל וועסטו זען און וועסט לייכטן,
און ציטערן און ברייט ווערן וועט דיין האַרץ;
וואָרום איבערגיין צו דיר וועט די רייכקייט פון ים,
דער פאַרמעג פון די פעלקער וועט קומען צו דיר.
6 אַ שֶׁפע פון קעמלען וועט דיך באַדעקן,
יונגקעמלען פון מִדיָן און עֵיפָה,
אַלע פון שבאָ געקומען;
גאָלד און ווייַרויך וועלן זיי טראָגן,
און די לויבן פון גאָט וועלן זיי אָנזאָגן.
7 אַלע שאָף פון קֵדָר וועלן אַיינגעזאַמלט ווערן צו דיר,
די ווידערס פון נבָיות וועלן זיין דיר צו דינסט;
זיי וועלן אויפגיין מיט באַווילִיקונג אויף מיין מזבח;
און מיין הויז פון שיינקייט וועל איך באַשיינען.

8 ווער זיינען דידאָזיקע וואָס פליען ווי אַ וואָלקן,
און ווי די טויבן צו זייערע שלאָגן?
9 פאַרוואָר, צו מיר וועלן די אינדזלען זיך זאַמלען,
און די שיפן פון תּרשיש צוערשט,
צו ברענגען דיינע קינדער פון דער ווייט,
זייער גאָלד און זייער זילבער מיט זיי,
צום נאָמען פון יהוה דיין גאָט,
און צום הייליקן פון ישׂראל,
ווייל ער האָט דיך באַשיינט.
10 און פרעמדגעבאָרענע וועלן בויען דיינע מויערן,
און זייערע מלכים וועלן דיך באַדינען;
וואָרום אין מיין צאָרן האָב איך דיך געשלאָגן,
און אין מיין באַווילִיקונג האָב איך דיך דערבאַרימט.
11 און אָפן וועלן זיין דיינע טויערן תּמיד,
טאָג און נאַכט וועלן זיי ניט פאַרשלאָסן ווערן,
כּדי צו ברענגען דעם פאַרמעג פון די פעלקער צו
דיר;
און זייערע מלכים וועלן מיטפאָרן.
12 וואָרום דאָס פאָלק און דאָס קיניגרייך,

וואָס וועלן דיר ניט דינען, וועלן אונטערגיין,
און די פעלקער וועלן וויסט פאַרוויסט ווערן.

13 די פראַכט פון לבָנון וועט קומען צו דיר,
ציפּרעס, טענענבוים, און בוקסנבוים אין איינעם,
צו באַשיינען דעם אָרט פון מיין הייליקטום;
און דעם אָרט פון מיינע פיס וועל איך ערלעכן.
14 און געבויגן וועלן קומען צו דיר
די זין פון דיינע פייניקער,
און בוקן זיך צו דיינע פוסטריט
וועלן אַלע דיינע לעסטערער;
און זיי וועלן דיך רופן די שטאָט פון גאָט,
צִיוֹן פון דעם הייליקן פון ישׂראל.

15 אָנשטאָט דיין זיין פאַרלאָזט און פאַרהאַסט,
און אָן אַ דורכגייער,
וועל איך דיך מאַכן צום אייביקן שטאָלץ,
אַ פרייד אויף דור־דורות.
16 און וועסט זייגן דאָס מילך פון די פעלקער,
און די ברוסט פון מלכים וועסטו זייגן;

און וועסט וויסן אַז איך יהוה בין דיין העלפער,
און דיין אויסלייזער איז דער מאַכטיקער פון יעקב.

17 אָנשטאָטן קופער וועל איך ברענגען גאָלד,
און אָנשטאָטן אַייזן וועל איך ברענגען זילבער,
און אָנשטאָט די האָלצן, קופער,
און אָנשטאָט די שטיינער, אַייזן;
און איך וועל מאַכן פאַר דיין אויפזעער שלום,
און פאַר דיינע הערשער גערעכטיקייט.
18 מער וועט ניט געהערט ווערן רויב אין דיין לאַנד
פאַרוויסטונג און בראָך אין דיינע געמאַרקן;
און וועסט רופן דיינע מויערן „ישועה",
און דיינע טויערן „לויב".

19 די זון וועט דיר מער ניט זיין פאַר ליכט ביי טאָג,
און פאַר העלקייט וועט דיר ניט שיינען די לבנה,
נאָר יהוה וועט דיר זיין פאַר אַן אייביקן ליכט,
און דיין גאָט פאַר דיין שיינקייט.
20 ניט אונטערגיין וועט דיין זון מער,
און דיין לבנה וועט ניט אַיינגעטאָן ווערן,

וואָרום גאָט וועט דיר זיין פאַר אַן אייביקן ליכט,
און געענדיקט וועלן זיין די טעג פון דיין טרויער.

21 און דיין פאָלק וועלן זיין אַלע גערעכטע,
אויף אייביק וועלן זיי אַרבן דאָס לאַנד—
דער צווייג פון מיין פלאַנצונג,
דאָס ווערק פון מיינע הענט זיך צום רימען.
22 דער קלענסטער וועט ווערן צו טויזנט,
און דער מינדסטער צום מאַכטיקן פאָלק;
איך גאָט וועל דאָס אַיילן אין זיין צייט.

## סא

1 דער גייסט פון גאָט דעם האַר איז אויף מיר,
ווייל גאָט האָט מיך געזאַלבט
צו ברענגען אַ בשורה צו די פאַרליטענע;
מיך געשיקט צו פאַרבינדן די צעבראָכענע הערצער,
אויסצורופן פריישאַפט צו די געפאַנגענע,
און לויזלאָזונג צו די געבונדענע;
2 אויסצורופן אַ יאָר פון באַווייליקונג פון יהוה,
און אַ טאָג פון נקמה פון אונדזער גאָט;
צו טרייסטן אַלע טרויערער;
3 צו באַשערן די טרויערער פון ציון,
זיי צו געבן אַ הויב אָנשטאָט שטויבא,
אייל פון פרייד אָנשטאָט טרויער,
אַ מאַנטל פון לויב אָנשטאָט אַ באַטריבט געמיט;
און מע וועט זיי רופן די אייכנביימער פון גערעכטיקייט,
די פלאַנצונג פון גאָט זיך צום רימען.
4 און זיי וועלן אָפּבויען אייביקע חורבות,
וויסטענישן פון פאַרצייטן וועלן זיי אויפריכטן,
און זיי וועלן באַנייען חָרבע שטעט,
וויסטענישן פון דור־דורות.
5 און פרעמדע וועלן שטיין
און פיטערן אַייערע שאָף,
און פרעמדגעבאָרענע וועלן זיין
אַייערע אַקערלייט און אַייערע ווייגערטנירער.
6 און איר וועט כּהגים פון יהוה גערופן ווערן,
דינער פון אונדזער גאָט וועט געזאָגט ווערן אויף אַייך.
דעם פאַרמעג פון די פעלקער וועט איר עסן,
און זייער פראַכט וועט איר איבערנעמען.
7 פאַר אַייער טאָפּעלער בושה,
און ווייל מע פלעגט זינגען: „שאַנד איז זייער חלק",
דרום וועלן זיי ירשענען טאָפּל אין זייער לאַנד;
אַן אייביקע פרייד וועט ביי זיי זיין.

8 וואָרום איך גאָט האָב ליב גערעכטיקייט;
איך האָב פיינט גזלה מיט אומרעכט,
און איך וועל געבן וואָרהאַפטיק זייער לוין,
און אַן אייביקן בונד וועל איך זיי שליסן.
9 און באַוווסט ביי די פעלקער וועט זיין זייער זאָמען,
און זייערע שפּראָצן צווישן די אומות;

א וואָרטשפּיל: פּאַר תַּחַת אַפֶר.

יֵאָסֵף כִּי יְהוָה יִהְיֶה־לָּךְ לְאוֹר עוֹלָם וְשָׁלְמוּ יְמֵי אֶבְלֵךְ׃
כא וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים לְעוֹלָם יִירְשׁוּ אָרֶץ נֵצֶר מַטָּעוֹ מַעֲשֵׂה
כב יָדַי לְהִתְפָּאֵר׃ הַקָּטֹן יִהְיֶה לָאֶלֶף וְהַצָּעִיר לְגוֹי עָצוּם אֲנִי
יְהוָה בְּעִתָּהּ אֲחִישֶׁנָּה׃

## סא

א רוּחַ אֲדֹנָי יֱהוִה עָלָי יַעַן מָשַׁח יְהוָה אֹתִי לְבַשֵּׂר עֲנָוִים
שְׁלָחַנִי לַחֲבֹשׁ לְנִשְׁבְּרֵי־לֵב לִקְרֹא לִשְׁבוּיִם דְּרוֹר
ב וְלַאֲסוּרִים פְּקַח־קוֹחַ׃ לִקְרֹא שְׁנַת־רָצוֹן לַיהוָה וְיוֹם נָקָם
ג לֵאלֹהֵינוּ לְנַחֵם כָּל־אֲבֵלִים׃ לָשׂוּם ׀ לַאֲבֵלֵי צִיּוֹן לָתֵת
לָהֶם פְּאֵר תַּחַת אֵפֶר שֶׁמֶן שָׂשׂוֹן תַּחַת אֵבֶל מַעֲטֵה
תְהִלָּה תַּחַת רוּחַ כֵּהָה וְקֹרָא לָהֶם אֵילֵי הַצֶּדֶק מַטַּע
ד יְהוָה לְהִתְפָּאֵר׃ וּבָנוּ חָרְבוֹת עוֹלָם שֹׁמְמוֹת רִאשֹׁנִים
ה יְקוֹמֵמוּ וְחִדְּשׁוּ עָרֵי חֹרֶב שֹׁמְמוֹת דּוֹר וָדוֹר׃ וְעָמְדוּ
ו זָרִים וְרָעוּ צֹאנְכֶם וּבְנֵי נֵכָר אִכָּרֵיכֶם וְכֹרְמֵיכֶם׃ וְאַתֶּם
כֹּהֲנֵי יְהוָה תִּקָּרֵאוּ מְשָׁרְתֵי אֱלֹהֵינוּ יֵאָמֵר לָכֶם חֵיל גּוֹיִם
ז תֹּאכֵלוּ וּבִכְבוֹדָם תִּתְיַמָּרוּ׃ תַּחַת בָּשְׁתְּכֶם מִשְׁנֶה וּכְלִמָּה
יָרֹנּוּ חֶלְקָם לָכֵן בְּאַרְצָם מִשְׁנֶה יִירָשׁוּ שִׂמְחַת עוֹלָם תִּהְיֶה
ח לָהֶם׃ כִּי אֲנִי יְהוָה אֹהֵב מִשְׁפָּט שֹׂנֵא גָזֵל בְּעוֹלָה וְנָתַתִּי
ט פְעֻלָּתָם בֶּאֱמֶת וּבְרִית עוֹלָם אֶכְרוֹת לָהֶם׃ וְנוֹדַע בַּגּוֹיִם
זַרְעָם וְצֶאֱצָאֵיהֶם בְּתוֹךְ הָעַמִּים כָּל־רֹאֵיהֶם יַכִּירוּם כִּי
י הֵם זֶרַע בֵּרַךְ יְהוָה׃ שׂוֹשׂ אָשִׂישׂ בַּיהוָה תָּגֵל נַפְשִׁי
בֵּאלֹהַי כִּי הִלְבִּישַׁנִי בִּגְדֵי־יֶשַׁע מְעִיל צְדָקָה יְעָטָנִי כֶּחָתָן
יא יְכַהֵן פְּאֵר וְכַכַּלָּה תַּעְדֶּה כֵלֶיהָ׃ כִּי כָאָרֶץ תּוֹצִיא צִמְחָהּ
וּכְגַנָּה זֵרוּעֶיהָ תַצְמִיחַ כֵּן ׀ אֲדֹנָי יֱהוִה יַצְמִיחַ צְדָקָה וּתְהִלָּה
נֶגֶד כָּל־הַגּוֹיִם׃

## סב

א לְמַעַן צִיּוֹן לֹא אֶחֱשֶׁה וּלְמַעַן יְרוּשָׁלַם לֹא אֶשְׁקוֹט עַד־

ס, כא׳ מטעי קרי   כב׳ עד כאן ס א, ז׳ קמץ בד״ק   י׳ הפטרה נצבים וש״ל נצבים־וילך

אַלע וואָס זעען זיי וועלן זיי דערקענען,
אַז זיי זיינען דער זאָמען וואָס גאָט האָט געבענטשט.

10 פרייען פריי איך זיך מיט יהוה,
לוסטיק איז מיין זעל מיט מיין גאָט,
וואָרום ער האָט מיר אָנגעטאָן קליידער פון הילף,
אַ מאַנטל פון זיג מיר אַרומגעוויקלט,
ווי אַ חתן טוט אָן אַ כּהן־הויב,
און ווי אַ כּלה צירט זיך אָן מיט אירע תּכשיטין.
11 וואָרום ווי די ערד לאָזט אַרויס איר שפּראָצונג,
און ווי אַ גאָרטן מאַכט שפּראָצן זיינע זאָמען,
אַזוי וועט גאָט דער האַר מאַכן שפּראָצן זיג און לויב,
אַנטקעגן פאַר אַלע פעלקער.

## סב

1 פון וועגן ציון וועל איך ניט שווייגן,
און פון וועגן ירושלַיִם וועל איך ניט רוען,

ב יָצָא כַנֹּגַהּ צִדְקָהּ וִישׁוּעָתָהּ כְּלַפִּיד יִבְעָר׃ וְרָאוּ גוֹיִם
צִדְקֵךְ וְכָל־מְלָכִים כְּבוֹדֵךְ וְקֹרָא לָךְ שֵׁם חָדָשׁ אֲשֶׁר פִּי
ג יְהוָה יִקֳּבֶנּוּ׃ וְהָיִית עֲטֶרֶת תִּפְאֶרֶת בְּיַד־יְהוָה וּצְנִוף
ד מְלוּכָה בְּכַף־אֱלֹהָיִךְ׃ לֹא־יֵאָמֵר לָךְ עוֹד עֲזוּבָה וּלְאַרְצֵךְ
לֹא־יֵאָמֵר עוֹד שְׁמָמָה כִּי לָךְ יִקָּרֵא חֶפְצִי־בָהּ וּלְאַרְצֵךְ
ה בְּעוּלָה כִּי־חָפֵץ יְהוָה בָּךְ וְאַרְצֵךְ תִּבָּעֵל׃ כִּי־יִבְעַל בָּחוּר
בְּתוּלָה יִבְעָלוּךְ בָּנָיִךְ וּמְשׂוֹשׂ חָתָן עַל־כַּלָּה יָשִׂישׂ עָלַיִךְ
ו אֱלֹהָיִךְ׃ עַל־חוֹמֹתַיִךְ יְרוּשָׁלִַם הִפְקַדְתִּי שֹׁמְרִים כָּל־הַיּוֹם
וְכָל־הַלַּיְלָה תָּמִיד לֹא יֶחֱשׁוּ הַמַּזְכִּרִים אֶת־יְהוָה אַל־דֳּמִי
ז לָכֶם׃ וְאַל־תִּתְּנוּ דֳמִי לוֹ עַד־יְכוֹנֵן וְעַד־יָשִׂים אֶת־יְרוּשָׁלִַם
ח תְּהִלָּה בָּאָרֶץ׃ נִשְׁבַּע יְהוָה בִּימִינוֹ וּבִזְרוֹעַ עֻזּוֹ אִם־אֶתֵּן
אֶת־דְּגָנֵךְ עוֹד מַאֲכָל לְאֹיְבַיִךְ וְאִם־יִשְׁתּוּ בְנֵי־נֵכָר תִּירוֹשֵׁךְ
ט אֲשֶׁר יָגַעַתְּ בּוֹ׃ כִּי מְאַסְפָיו יֹאכְלֻהוּ וְהִלְלוּ אֶת־יְהוָה
י וּמְקַבְּצָיו יִשְׁתֻּהוּ בְּחַצְרוֹת קָדְשִׁי׃ עִבְרוּ עִבְרוּ בַּשְּׁעָרִים
פַּנּוּ דֶּרֶךְ הָעָם סֹלּוּ סֹלּוּ הַמְסִלָּה סַקְּלוּ מֵאֶבֶן הָרִימוּ נֵס
יא עַל־הָעַמִּים׃ הִנֵּה יְהוָה הִשְׁמִיעַ אֶל־קְצֵה הָאָרֶץ אִמְרוּ
לְבַת־צִיּוֹן הִנֵּה יִשְׁעֵךְ בָּא הִנֵּה שְׂכָרוֹ אִתּוֹ וּפְעֻלָּתוֹ לְפָנָיו׃
יב וְקָרְאוּ לָהֶם עַם־הַקֹּדֶשׁ גְּאוּלֵי יְהוָה וְלָךְ יִקָּרֵא דְרוּשָׁה
עִיר לֹא נֶעֱזָבָה׃

## סג

א מִי־זֶה ׀ בָּא מֵאֱדוֹם חֲמוּץ בְּגָדִים מִבָּצְרָה זֶה הָדוּר
בִּלְבוּשׁוֹ צֹעֶה בְּרֹב כֹּחוֹ אֲנִי מְדַבֵּר בִּצְדָקָה רַב לְהוֹשִׁיעַ׃
ב ג מַדּוּעַ אָדֹם לִלְבוּשֶׁךָ וּבְגָדֶיךָ כְּדֹרֵךְ בְּגַת׃ פּוּרָה ׀ דָּרַכְתִּי
לְבַדִּי וּמֵעַמִּים אֵין־אִישׁ אִתִּי וְאֶדְרְכֵם בְּאַפִּי וְאֶרְמְסֵם
ד בַּחֲמָתִי וְיֵז נִצְחָם עַל־בְּגָדַי וְכָל־מַלְבּוּשַׁי אֶגְאָלְתִּי׃ כִּי
ה יוֹם נָקָם בְּלִבִּי וּשְׁנַת גְּאוּלַי בָּאָה׃ וְאַבִּיט וְאֵין עֹזֵר
וְאֶשְׁתּוֹמֵם וְאֵין סוֹמֵךְ וַתּוֹשַׁע לִי זְרֹעִי וַחֲמָתִי הִיא

---

סב, ג׳ וצניף קרי   סג, ב׳ פתח בס״פ

ביז אַרויס ווי דער שיין וועט איר גערעכטיקייט,
און איר הילף ווי אַ פלאַם וואָס ברענט.
2 און די פעלקער וועלן זען דיין גערעכטיקייט,
און אַלע מלכים דיין כבוד;
און מע וועט דיך רופן אַ נייעם נאָמען,
וואָס דאָס מויל פון גאָט וועט אים אָנרופן.
3 און וועסט זיין אַ קרוין פון שיינקייט
אין דער האַנט פון יהוה,
און אַ מַלכותדיקע הויב
אין דער האַנטפלעך פון דיין גאָט.
4 אויף דיר וועט מער ניט געזאָגט ווערן „פאַרלאָזטע",
און אויף דיין לאַנד וועט מער ניט געזאָגט ווערן
„וויסטעניש",
נאָר דיך וועט מען רופן „מיין־גלוסט־צו־איר"[א],
און דאָס לאַנד דיינס „באַמאַנטע"[ב];
וואָרום גאָט טוט דיך גלוסטן,
און דיין לאַנד וועט באַמאַנט ווערן.
5 וואָרום ווי אַ בָּחור באַמאַנט אַ יונגפרוי,
וועלן דיך באַמאַנען דיינע קינדער;
און ווי די פרייד פון אַ חתן מיט דער כלה,
וועט זיך פרייען מיט דיר דיין גאָט.

6 אויף דיינע מויערן, ירושָלַיִם,
האָב איך אויפגעשטעלט שָומרים,
אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט,
זיי זאָלן תּמיד ניט שווייגן.
איר דערמאָנער פון גאָט,
קיין רו ניט צו אַייך!
7 און איר זאָלט ניט געבן קיין רו צו אים,
ביז ער וועט אויפריכטן,
און ביז ער וועט מאַכן ירושָלַיִם
אַ לויב אויף דער ערד.
8 גאָט האָט געשוואָרן ביי זיין רעכטער האַנט,
און ביי זיין מאַכטיקן אָרעם:
אויב איך וועל מער געבן דיין תּבואה
פאַר שפייז צו דיינע פיינט!
און אויב פרעמדגעבאָרענע וועלן טרינקען דיין וויין
וואָס דו האָסט זיך געמיט אויף אים!
9 נייערט אירע אַריינגעמער וועלן זי עסן,
און וועלן לויבן גאָט;
און זיינע איינזאַמלער וועלן אים טרינקען
אין די הויפן פון מיין הייליקטום.

10 גייט דורך, גייט דורך דורך די טויערן,
ראַמט אָפּ דעם וועג פון דעם פאָלק!
טרעט אויס, טרעט אויס דעם שטעג,
רייניקט אָפּ פון שטיינער!
הייבט אויף אַ פאָן צו די פעלקער!
11 זע, גאָט האָט געמאַכט הערן
ביז צום עק פון דער ערד:
זאָגט צו טאָכטער צִיון:
זע, דיין הילף איז געקומען;
זע, זיין לוין איז מיט אים,
און זיין פאַרגעלטונג אים פאַרויס.
12 און מע וועט זיי רופן דאָס הייליקע פאָלק,
די אויסדערלייזטע פון גאָט;
און דיך וועט מען רופן „געזוכטע",
„ניט פאַרלאָזענע שטאָט".

סג 1 ווער איז דער וואָס קומט פון אֶדום,
אין גערויטיקטע בגדים פון בָּצְרָה?
דער וואָס איז פּראַכטיק אין זיין מלבוש,
אויסגעבויגן אין זיין גרויס שטאַרקייט?
איך וואָס רעד מיט גערעכטיקייט,
וואָס בין מאַכטיק צו העלפן.
2 פאַרוואָס איז רויט אויף דיין קלייד,
און דיינע בגדים ווי ביים טרעטער אין אַ קעלטער?
3 איך האָב געטרעטן אַ קעלטער אַליין,
און פון די פעלקער איז קיינער מיט מיר ניט געווען;
און איך האָב זיי געטרעטן אין מיין כּעס,
און זיי געטראַמפּלט אין מיין גרימצאָרן;
האָט געשפּריצט זייער זאַפט אויף מיינע בגדים,
און אַלע מיינע קליידער האָב איך באַפלעקט.
4 וואָרום אַ טאָג פון נקמה איז אין מיין האַרצן,
און מיין יאָר פון דערלייזונג איז געקומען.
5 און איך האָב מיך אומגעקוקט,
און ניט געווען קיין העלפער,
און איך האָב מיך געוואונדערט,
און ניט געווען קיין אונטערלענער;
האָט מיך מיין אָרעם געהאָלפן,
און מיין גרימצאָרן, ער האָט מיך אונטערגעלענט.

[א] חֶפְצִי־בָהּ.   [ב] בְּעוּלָה.

ו סִמְּכָתְנִי: וְאָבוּס עַמִּים בְּאַפִּי וַאֲשַׁכְּרֵם בַּחֲמָתִי וְאוֹרִיד
ז לָאָרֶץ נִצְחָם: חַסְדֵי יְהוָה ׀ אַזְכִּיר תְּהִלֹּת יְהוָה
כְּעַל כֹּל אֲשֶׁר־גְּמָלָנוּ יְהוָה וְרַב־טוּב לְבֵית יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־
ח גְּמָלָם כְּרַחֲמָיו וּכְרֹב חֲסָדָיו: וַיֹּאמֶר אַךְ־עַמִּי הֵמָּה
ט בָּנִים לֹא יְשַׁקֵּרוּ וַיְהִי לָהֶם לְמוֹשִׁיעַ: בְּכָל־צָרָתָם ׀ לֹא
צָר וּמַלְאַךְ פָּנָיו הוֹשִׁיעָם בְּאַהֲבָתוֹ וּבְחֶמְלָתוֹ הוּא גְאָלָם
י וַיְנַטְּלֵם וַיְנַשְּׂאֵם כָּל־יְמֵי עוֹלָם: וְהֵמָּה מָרוּ וְעִצְּבוּ אֶת־
יא רוּחַ קָדְשׁוֹ וַיֵּהָפֵךְ לָהֶם לְאוֹיֵב הוּא נִלְחַם־בָּם: וַיִּזְכֹּר
יְמֵי־עוֹלָם מֹשֶׁה עַמּוֹ אַיֵּה ׀ הַמַּעֲלֵם מִיָּם אֵת רֹעֵה צֹאנוֹ
יב אַיֵּה הַשָּׂם בְּקִרְבּוֹ אֶת־רוּחַ קָדְשׁוֹ: מוֹלִיךְ לִימִין מֹשֶׁה
זְרוֹעַ תִּפְאַרְתּוֹ בּוֹקֵעַ מַיִם מִפְּנֵיהֶם לַעֲשׂוֹת לוֹ שֵׁם עוֹלָם:
יג יד מוֹלִיכָם בַּתְּהֹמוֹת כַּסּוּס בַּמִּדְבָּר לֹא יִכָּשֵׁלוּ: כַּבְּהֵמָה
בַּבִּקְעָה תֵרֵד רוּחַ יְהוָה תְּנִיחֶנּוּ כֵּן נִהַגְתָּ עַמְּךָ לַעֲשׂוֹת
טו לְךָ שֵׁם תִּפְאָרֶת: הַבֵּט מִשָּׁמַיִם וּרְאֵה מִזְּבֻל קָדְשְׁךָ
וְתִפְאַרְתֶּךָ אַיֵּה קִנְאָתְךָ וּגְבוּרֹתֶךָ הֲמוֹן מֵעֶיךָ וְרַחֲמֶיךָ
טז אֵלַי הִתְאַפָּקוּ: כִּי־אַתָּה אָבִינוּ כִּי אַבְרָהָם לֹא יְדָעָנוּ
וְיִשְׂרָאֵל לֹא יַכִּירָנוּ אַתָּה יְהוָה אָבִינוּ גֹּאֲלֵנוּ מֵעוֹלָם
יז שְׁמֶךָ: לָמָּה תַתְעֵנוּ יְהוָה מִדְּרָכֶיךָ תַּקְשִׁיחַ לִבֵּנוּ מִיִּרְאָתֶךָ
יח שׁוּב לְמַעַן עֲבָדֶיךָ שִׁבְטֵי נַחֲלָתֶךָ: לַמִּצְעָר יָרְשׁוּ עַם־
יט קָדְשֶׁךָ צָרֵינוּ בּוֹסְסוּ מִקְדָּשֶׁךָ: הָיִינוּ מֵעוֹלָם לֹא־מָשַׁלְתָּ
בָּם לֹא־נִקְרָא שִׁמְךָ עֲלֵיהֶם לוּא־קָרַעְתָּ שָׁמַיִם יָרַדְתָּ
מִפָּנֶיךָ הָרִים נָזֹלּוּ:

## סד

א כִּקְדֹחַ אֵשׁ הֲמָסִים מַיִם תִּבְעֶה־אֵשׁ לְהוֹדִיעַ שִׁמְךָ לְצָרֶיךָ
ב מִפָּנֶיךָ גּוֹיִם יִרְגָּזוּ: בַּעֲשׂוֹתְךָ נוֹרָאוֹת לֹא נְקַוֶּה יָרַדְתָּ
ג מִפָּנֶיךָ הָרִים נָזֹלּוּ: וּמֵעוֹלָם לֹא־שָׁמְעוּ לֹא הֶאֱזִינוּ עַיִן
ד לֹא־רָאָתָה אֱלֹהִים זוּלָתְךָ יַעֲשֶׂה לִמְחַכֵּה־לוֹ: פָּגַעְתָּ אֶת־

סג, ז׳ בכ״א הד וסה  ט׳ לו קרי  עד כאן  יא׳ נ״א רעי  סד, ג׳ קמץ בז״ק

6 און איך האָב געטרעטן די פעלקער אין מיין כעס,
און זיי פאַרשיכורט מיט מיין גרימצאָרן,
און געמאַכט נידערן צו דער ערד זייער זאַפט.

7 די חסָדים פון יהוה וועל איך דערמאָנען,
די לויבונגען פון גאָט,
וועדליק אַלץ וואָס גאָט האָט אונדז געטאָן,
און די פיל טובות צום הויז פון ישׂראל,
וואָס ער האָט געטאָן צו זיי לויט זיין באַרימהאַרציקייט,
און לויט זיינע פיל חסָדים.
8 וואָרום ער האָט געזאָגט: זיי זיינען פאָרט מיין פאָלק,
קינדער וואָס וועלן ניט פעלשן;
און ער איז זיי געווען פאַר אַ העלפער.
9 אין אַל זייער לייד האָט ער געליטן,
און דער מלאך פון זיין פנים האָט זיי געהאָלפן;
אין זיין ליבשאַפט און אין זיין דערבאַרימונג
האָט ער זיי אויסגעלייזט,
און זיי געהויבן און זיי געטראָגן
אַלע טעג פון פאַרצייטן.
10 אָבער זיי האָבן ווידערשפעניקט
און באַטריבט זיין הייליקן גייסט,
און ער איז זיי פאַרקערט געוואָרן אין אַ פיינט;
ער האָט מלחמה געהאַלטן אויף זיי.
11 און זיין פאָלק האָט געדאַכט
אָן די טעג פון פאַרצייטן, פון משהן:
ווו איז דער וואָס האָט זיי אויפגעבראַכט פון ים,
דורך דעם פאַסטוך פון זיינע שאָף?
ווו איז דער וואָס האָט אַריינגעטאָן אין אים
זיין הייליקן גייסט?
12 וואָס האָט באַלייט די רעכטע האַנט פון משהן
מיט דעם אָרעם פון זיין פראַכט?
וואָס האָט געשפּאָלטן די וואַסערן פון פאַר זיי,
זיך צו מאַכן אַן אייביקן נאָמען?
13 וואָס האָט זיי געפירט דורך תהומען
ווי אַ פערד דורך אַ סטעפּ,
זיי זאָלן ניט געשטרויכלט ווערן?
14 ווי פי וואָס טוט נידערן אין טאָל,
האָט דער גייסט פון גאָט זיי באַרוט;
אַזוי האָסטו געפירט דיין פאָלק,
דיר צו מאַכן אַ פראַכטיקן נאָמען.

16 לוג פון הימל און זע,
פון דיין הייליקער און פראַכטיקער וווינונג;
ווו איז דיין אָנגעמען זיך און דיינע גבורות?
די ברומונג פון דיינע אינגעווייד און דיין באַרימהאַרציקייט
האַלטן זיך איין קעגן מיר.
16 פאַרוואָר, דו ביסט אונדזער פאָטער;
וואָרום אַברהם ווייס אונדז ניט,
און ישׂראל קען אונדז ניט;
דו, גאָט, ביסט אונדזער פאָטער,
אונדזער אויסלייזער איז דיין נאָמען פון אייביק אָן.
17 פאַרוואָס, גאָט, לאָזטו אונדז בלאָנדזשען פון דיינע וועגן,
מאַכסט האַרט אונדזער האַרץ, ניט מורא צו האָבן פאַר דיר?
קער זיך אום פון וועגן דיינע קנעכט,
די שבטים פון דיין אַרב.
18 כמעט פאַרטריבן האָבן זיי דיין הייליק פאָלק;
אונדזערע פיינט האָבן צעטרעטן דיין הייליקטום.
19 מיר זיינען געוואָרן ווי די
וואָס דו האָסט קיינמאָל ניט געוועלטיקט אויף זיי,
וואָס דיין נאָמען איז ניט גערופן געוואָרן אויף זיי.

הלוואַי צערייסטו די הימלען און נידערסט אַראָפּ,
די בערג זאָלן זיך טרייסלען פאַר דיר;

## סד

1 אַזוי ווי פייער צינדט אָן טרוקענע צווייגן,
ווי פייער טוט וואַסער צעבלעזולען–
כדי צו מאַכן וויסן דיין נאָמען צו דיינע פיינט;
די פעלקער זאָלן ציטערן פאַר דיר,
2 ווען דו טוסט פאָרכטיקע זאַכן
וואָס מיר האָבן צומאָל ניט געהאָפט–
הלוואַי נידערסטו אַראָפּ,
די בערג זאָלן זיך טרייסלען פאַר דיר!–
3 און וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט געהערט, ניט פאַרנומען,
וואָס קיין אויג האָט ניט געזען,
אַז אַ גאָט אַחוץ דיר זאָל טאָן
פאַר דעם וואָס טוט האַרן אויף אים.
4 האָסט געשלאָגן דעם וואָס האָט זיך געפרייט צו טאָן רעכט,

שָׂשׂ וְעֹשֵׂה צֶדֶק בִּדְרָכֶיךָ יִזְכְּרוּךָ הֵן־אַתָּה קָצַפְתָּ וַנֶּחֱטָא
בָּהֶם עוֹלָם וְנִוָּשֵׁעַ׃ וַנְּהִי כַטָּמֵא כֻּלָּנוּ וּכְבֶגֶד עִדִּים כָּל־ ה
צִדְקֹתֵינוּ וַנָּבֶל כֶּעָלֶה כֻּלָּנוּ וַעֲוֺנֵנוּ כָּרוּחַ יִשָּׂאֻנוּ׃ וְאֵין־ ו
קוֹרֵא בְשִׁמְךָ מִתְעוֹרֵר לְהַחֲזִיק בָּךְ כִּי־הִסְתַּרְתָּ פָנֶיךָ מִמֶּנּוּ
וַתְּמוּגֵנוּ בְּיַד־עֲוֺנֵנוּ׃ וְעַתָּה יְהוָה אָבִינוּ אָתָּה אֲנַחְנוּ הַחֹמֶר ז
וְאַתָּה יֹצְרֵנוּ וּמַעֲשֵׂה יָדְךָ כֻּלָּנוּ׃ אַל־תִּקְצֹף יְהוָה עַד־מְאֹד ח
וְאַל־לָעַד תִּזְכֹּר עָוֺן הֵן הַבֶּט־נָא עַמְּךָ כֻלָּנוּ׃ עָרֵי קָדְשְׁךָ ט
הָיוּ מִדְבָּר צִיּוֹן מִדְבָּר הָיָתָה יְרוּשָׁלַםִ שְׁמָמָה׃ בֵּית י
קָדְשֵׁנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ אֲשֶׁר הִלְלוּךָ אֲבֹתֵינוּ הָיָה לִשְׂרֵפַת
אֵשׁ וְכָל־מַחֲמַדֵּינוּ הָיָה לְחָרְבָּה׃ הַעַל־אֵלֶּה תִתְאַפַּק יא
יְהוָה תֶּחֱשֶׁה וּתְעַנֵּנוּ עַד־מְאֹד׃

## סה

נִדְרַשְׁתִּי לְלוֹא שָׁאָלוּ נִמְצֵאתִי לְלֹא בִקְשֻׁנִי אָמַרְתִּי הִנֵּנִי א
הִנֵּנִי אֶל־גּוֹי לֹא־קֹרָא בִשְׁמִי׃ פֵּרַשְׂתִּי יָדַי כָּל־הַיּוֹם אֶל־ ב
עַם סוֹרֵר הַהֹלְכִים הַדֶּרֶךְ לֹא־טוֹב אַחַר מַחְשְׁבֹתֵיהֶם׃
הָעָם הַמַּכְעִיסִים אוֹתִי עַל־פָּנַי תָּמִיד זֹבְחִים בַּגַּנּוֹת וּמְקַטְּרִים ג
עַל־הַלְּבֵנִים׃ הַיֹּשְׁבִים בַּקְּבָרִים וּבַנְּצוּרִים יָלִינוּ הָאֹכְלִים ד
בְּשַׂר הַחֲזִיר וּפְרַק פִּגֻּלִים כְּלֵיהֶם׃ הָאֹמְרִים קְרַב אֵלֶיךָ ה
אַל־תִּגַּשׁ־בִּי כִּי קְדַשְׁתִּיךָ אֵלֶּה עָשָׁן בְּאַפִּי אֵשׁ יֹקֶדֶת
כָּל־הַיּוֹם׃ הִנֵּה כְתוּבָה לְפָנָי לֹא אֶחֱשֶׁה כִּי אִם־שִׁלַּמְתִּי ו
וְשִׁלַּמְתִּי עַל־חֵיקָם׃ עֲוֺנֹתֵיכֶם וַעֲוֺנֹת אֲבוֹתֵיכֶם יַחְדָּו אָמַר ז
יְהוָה אֲשֶׁר קִטְּרוּ עַל־הֶהָרִים וְעַל־הַגְּבָעוֹת חֵרְפוּנִי וּמַדֹּתִי
פְעֻלָּתָם רִאשֹׁנָה עַל־חֵיקָם׃ כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה כַּאֲשֶׁר ח
יִמָּצֵא הַתִּירוֹשׁ בָּאֶשְׁכּוֹל וְאָמַר אַל־תַּשְׁחִיתֵהוּ כִּי בְרָכָה
בּוֹ כֵּן אֶעֱשֶׂה לְמַעַן עֲבָדַי לְבִלְתִּי הַשְׁחִית הַכֹּל׃ וְהוֹצֵאתִי ט
מִיַּעֲקֹב זֶרַע וּמִיהוּדָה יוֹרֵשׁ הָרָי וִירֵשׁוּהָ בְחִירַי וַעֲבָדַי
יִשְׁכְּנוּ־שָׁמָּה׃ וְהָיָה הַשָּׁרוֹן לִנְוֵה־צֹאן וְעֵמֶק עָכוֹר לְרֵבֶץ י

ס ד, ט׳ קמץ בז״ק   ס ה, א׳ קמץ בז״ק   ד׳ ומרק קרי   ז׳ אל קרי

די וואָס האָבן געדאַכט אָן דיר מיט דיינע וועגן;
זע, דו האָסט געצערנט, ווייל מיר האָבן געזינדיקט,
דורך זיי אָבער פלעגן מיר אייביק געהאָלפן ווערן.
5 און מיר זיינען געוואָרן ווי אַ טמא אַלע,
און ווי אַ באַפלעקט קלייד אַלע אונדזערע גערעכטי־
קייטן;
און מיר וועלקן אַזוי ווי אַ בלאַט אַלע,
און אונדזער זינד טראָגט אונדז ווי דער ווינט אַוועק.
6 און ניטאָ ווער זאָל רופן דיין נאָמען,
ווער זאָל זיך דערוועקן זיך צו האַלטן אָן דיר;
וואָרום האָסט פאַרבאָרגן דיין פנים צו אונדז,
און אונדז געמאַכט צעגיין דורך אונדזערע זינד.

7 און אַצונד, גאָט, דו ביסט אונדזער פאָטער,
מיר זיינען דער ליים, און דו ביסט אונדזער טעפער,
און דאָס ווערק פון דיינע הענט זיינען מיר אַלע.
8 ניט צערענען זאָלסטו, גאָט, ביז גאָר,
און ניט אויף אייביק געדענקען די זינד;
זע, לוג, איך בעט דיך, דיין פאָלק זיינען מיר אַלע.
9 דיינע הייליקע שטעט זיינען געוואָרן אַ מדבר,
ציון איז אַ מדבר געוואָרן,
ירושלים אַ וויסטעניש;
10 אונדזער הייליק און אונדזער פראַכטיק הויז,
ווו אונדזערע עלטערן האָבן דיך געלויבט,
איז אַוועק אין בראַנדפייער,
און אַלע אונדזערע גלוסטיקייטן זיינען געוואָרן צו וויסט.
11 ווילסטו אויף דעם זיך אײנהאַלטן, גאָט?
ווילסטו שווייגן און אונדז פייניקן ביז גאָר?

## סה

1 איך בין געווען צו דערבעטן
פאַר די וואָס האָבן ניט געפרעגט;
איך בין געווען צו געפינען
פאַר די וואָס האָבן מיך ניט געזוכט;
איך האָב געזאָגט: דאָ בין איך, דאָ בין איך!
צו אַ פאָלק וואָס רופט זיך ניט אויף מיין נאָמען.

2 איך האָב אויסגעשפרייט מיינע הענט אַ גאַנצן טאָג
צו אַ פאָלק אַן אָפּקערער
וואָס גייט אויפן ניט גוטן וועג,
נאָך די טראַכטונגען זייערע;
3 צו אַ פאָלק וואָס דערצערנט מיך
אין מיין פנים נאָכאַנאַנד;
וואָס שלאַכטן אין די גערטנער,
און רייכערן אויף די ציגל;
4 וואָס זיצן צווישן די קברים,
און אין באַהעלטענישן נעכטיקן זיי;
וואָס עסן פלייש פון חזיר,
און זופּ פון אומווערדיקייטן איז אין זייערע כלים;
5 וואָס זאָגן: רוק דיך אָפּ, זאָלסט ניט גענענען צו מיר,
וואָרום איך בין דיר הייליק.
דידאָזיקע זיינען אַ רויך אין מיין נאָז,
אַ פייער וואָס ברענט אַ גאַנצן טאָג.
6 זע, אויפגעשריבן איז דאָס פאַר מיר;
איך וועל ניט שווייגן סיידן איך האָב אָפּגעצאָלט,
יאָ, אָפּגעצאָלט אין זייער בוזעם,

7 אײַערע זינד און אײנעם מיט די זינד פון אײַערע עלטערן,
זאָגט גאָט,
וואָס האָבן געררייכערט אויף די בערג,
און אויף די הייכן מיך געלעסטערט;
דרום וועל איך אָפּמעסטן צוערשט
זייער לוין אין זייער בוזעם.

8 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אַזוי ווי אַז דער ווייַן געפינט זיך אין הענגל,
זאָגט מען: זאָלסט עס ניט צעשטערן,
וואָרום אַ בענטשונג איז אין אים;
אַזוי וועל איך טאָן פון וועגן מיינע קנעכט,
ניט צו צעשטערן אין גאַנצן.
9 און איך וועל אַרויסברענגען פון יעקב אַ זאָמען,
און פון יהודה דעם יורש פון מיינע בערג;
און ירשען וועלן עס מיינע אויסדערוויילטע,
און מיינע קנעכט וועלן דאָרט וווינען.
10 און דער שָרוֹן וועט זיין פאַר אַ פּיטערפּלאַץ פון שאָף,
און דער טאָל עָכוֹר פאַר אַ הויערונג פון רינדער,

יא בָּקָר לְעַמִּי אֲשֶׁר דְּרָשׁוּנִי׃ וְאַתֶּם עֹזְבֵי יְהוָה הַשְּׁכֵחִים
אֶת־הַר קָדְשִׁי הַעֹרְכִים לַגַּד שֻׁלְחָן וְהַמְמַלְאִים לַמְנִי
יב מִמְסָךְ׃ וּמָנִיתִי אֶתְכֶם לַחֶרֶב וְכֻלְּכֶם לַטֶּבַח תִּכְרָעוּ
יַעַן קָרָאתִי וְלֹא עֲנִיתֶם דִּבַּרְתִּי וְלֹא שְׁמַעְתֶּם וַתַּעֲשׂוּ הָרַע
יג בְּעֵינַי וּבַאֲשֶׁר לֹא־חָפַצְתִּי בְּחַרְתֶּם׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר ׀
אֲדֹנָי יֱהוִה הִנֵּה עֲבָדַי ׀ יֹאכֵלוּ וְאַתֶּם תִּרְעָבוּ הִנֵּה עֲבָדַי
יִשְׁתּוּ וְאַתֶּם תִּצְמָאוּ הִנֵּה עֲבָדַי יִשְׂמָחוּ וְאַתֶּם תֵּבֹשׁוּ׃
יד הִנֵּה עֲבָדַי יָרֹנּוּ מִטּוּב לֵב וְאַתֶּם תִּצְעֲקוּ מִכְּאֵב לֵב
טו וּמִשֵּׁבֶר רוּחַ תְּיֵלִילוּ׃ וְהִנַּחְתֶּם שִׁמְכֶם לִשְׁבוּעָה לִבְחִירַי
טז וֶהֱמִיתְךָ אֲדֹנָי יֱהוִה וְלַעֲבָדָיו יִקְרָא שֵׁם אַחֵר׃ אֲשֶׁר
הַמִּתְבָּרֵךְ בָּאָרֶץ יִתְבָּרֵךְ בֵּאלֹהֵי אָמֵן וְהַנִּשְׁבָּע בָּאָרֶץ
יִשָּׁבַע בֵּאלֹהֵי אָמֵן כִּי נִשְׁכְּחוּ הַצָּרוֹת הָרִאשֹׁנוֹת וְכִי
יז נִסְתְּרוּ מֵעֵינָי׃ כִּי־הִנְנִי בוֹרֵא שָׁמַיִם חֲדָשִׁים וָאָרֶץ חֲדָשָׁה
יח וְלֹא תִזָּכַרְנָה הָרִאשֹׁנוֹת וְלֹא תַעֲלֶינָה עַל־לֵב׃ כִּי־אִם־
שִׂישׂוּ וְגִילוּ עֲדֵי־עַד אֲשֶׁר אֲנִי בוֹרֵא כִּי הִנְנִי בוֹרֵא אֶת־
יט יְרוּשָׁלִַם גִּילָה וְעַמָּהּ מָשׂוֹשׂ׃ וְגַלְתִּי בִירוּשָׁלִַם וְשַׂשְׂתִּי
כ בְעַמִּי וְלֹא־יִשָּׁמַע בָּהּ עוֹד קוֹל בְּכִי וְקוֹל זְעָקָה׃ לֹא־
יִהְיֶה מִשָּׁם עוֹד עוּל יָמִים וְזָקֵן אֲשֶׁר לֹא־יְמַלֵּא אֶת־יָמָיו
כִּי הַנַּעַר בֶּן־מֵאָה שָׁנָה יָמוּת וְהַחוֹטֶא בֶּן־מֵאָה שָׁנָה
כא יְקֻלָּל׃ וּבָנוּ בָתִּים וְיָשָׁבוּ וְנָטְעוּ כְרָמִים וְאָכְלוּ פִּרְיָם׃
כב לֹא יִבְנוּ וְאַחֵר יֵשֵׁב לֹא יִטְּעוּ וְאַחֵר יֹאכֵל כִּי־כִימֵי הָעֵץ
כג יְמֵי עַמִּי וּמַעֲשֵׂה יְדֵיהֶם יְבַלּוּ בְחִירָי׃ לֹא יִיגְעוּ לָרִיק
וְלֹא יֵלְדוּ לַבֶּהָלָה כִּי זֶרַע בְּרוּכֵי יְהוָה הֵמָּה וְצֶאֱצָאֵיהֶם
כד אִתָּם׃ וְהָיָה טֶרֶם יִקְרָאוּ וַאֲנִי אֶעֱנֶה עוֹד הֵם מְדַבְּרִים
כה וַאֲנִי אֶשְׁמָע׃ זְאֵב וְטָלֶה יִרְעוּ כְאֶחָד וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל־
תֶּבֶן וְנָחָשׁ עָפָר לַחְמוֹ לֹא־יָרֵעוּ וְלֹא־יַשְׁחִיתוּ בְּכָל־הַר
קָדְשִׁי אָמַר יְהוָה׃

יב׳ קמץ בז״ק  יג׳ קמץ בז״ק  קמץ בטרחא  כד׳ קמץ בטרחא

פאַר מיין פאָלק וואָס האָט מיך געזוכט.
11 אָבער איר וואָס פאַרלאָזט גאָט,
וואָס פאַרגעסט אָן מיין הייליקן באַרג,
וואָס גרייט אַ טיש צום מזל[א],
און פילט אָן אַ מישטראַנק צום באַשער[ב],
12 איך וועל אייך באַשערן צום שווערד,
און איר אַלע וועט קניען צו דער שחיטה;
ווייל איך האָב גערופן און איר האָט ניט געענטפערט,
גערעדט, און איר האָט ניט געהערט;
נאָר איר האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין מיינע אויגן,
און וואָס איך האָב ניט געוואָלט, האָט איר אויסגע־
ווילט.

13 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
זע, מיינע קנעכט וועלן עסן,
און איר וועט זיין הונגעריק;
זע, מיינע קנעכט וועלן טרינקען,
און איר וועט זיין דאָרשטיק;
זע, מיינע קנעכט וועלן זיך פרייען,
און איר וועט פאַרשעמט ווערן.
14 זע, מיינע קנעכט וועלן זינגען פון האַרצפרייד,
און איר וועט שרייען פון האַרצווייִ,
און פון אַ צעבראָכן געמיט וועט איר יאָמערן.
15 און איר וועט לאָזן אַייער נאָמען
פאַר אַ קללה צו מיינע אויסדערוויילטע:
„אַזוי זאָל גאָט דער האַר דיך טייטן!"
און זיינע קנעכט וועט ער רופן אַן אַנדער נאָמען;
16 אַז דער וואָס בענטשט זיך אויף דער ערד,
וועט זיך בענטשן ביים גאָט פון אמת,
און דער וואָס שווערט אויף דער ערד,
וועט שווערן ביים גאָט פון אמת;
ווייל פאַרגעסן זיינען די פריערדיקע צרות,
און ווייל זיי זיינען פאַרבאָרגן פון מיינע אויגן.
17 וואָרום זע, איך באַשאַף הימלען נייע,
און אַן ערד אַ נייע;
און דאָס פריערדיקע וועט ניט געדאַכט ווערן,
און אויפן זינען ניט אַרויפקומען.
18 נאָר זייט לוסטיק און פרייט זיך ביז אייביק
מיט דעם וואָס איך באַשאַף;
וואָרום זע, איך באַשאַף ירושָלַיִם פאַר אַ לוסטיקייט,
און איר פאָלק פאַר אַ פרייד.
19 און איך וועל זיך פרייען מיט ירושָלַיִם,
און וועל לוסטיק זיין מיט מיין פאָלק;
און ניט געהערט ווערן וועט אין איר מער
אַ קָול פון געוויין, און אַ קָול פון געשריי.
20 מער וועט ניט זיין פון דאָרטן
אַ קינד אין טעג, אָדער אַ זקן,
וואָס וועט ניט דערפילן זיינע טעג;
וואָרום דער ייִנגסטער וועט צו הונדערט יאָר שטאַרבן,
און אַ זינדיקער וועט מיט הונדערט יאָר געשאָלטן ווערן.
21 און זיי וועלן בויען הייזער און באַוווינען,
און פלאַנצן וויינגערטנער און עסן זייער פרוכט.
22 זיי וועלן ניט בויען,
און אַן אַנדערער זאָל באַוווינען,
זיי וועלן ניט פלאַנצן,
און אַן אַנדערער זאָל עסן;
וואָרום אַזוי ווי די טעג פון אַ בוים
וועלן זיין די טעג פון מיין פאָלק,
און מיינע אויסדערוויילטע וועלן פאַרנוצן
דאָס ווערק פון זייערע הענט.
23 זיי וועלן זיך ניט מיען אומנישט,
זיי וועלן ניט געבערן פאַר אַ בהלה,
וואָרום אַ זאָמען געבענטשט פון גאָט זיינען זיי,
און זייערע שפּראָצן מיט זיי.
24 און עס וועט זיין,
איידער זיי רופן, וועל איך ענטפערן,
ווי זיי רעדן נאָך, אַזוי וועל איך צוהערן.
25 אַ וואָלף און אַ לאַם וועלן זיך פיטערן אין איינעם,
און אַ לייב וועט ווי אַ רינד עסן שטרוי;
און אַ שלאַנג—איר שפּייז וועט זיין שטויב;
זיי וועלן ניט בייז טאָן און ניט פאַרדאַרבן
אויף מיין גאַנצן הייליקן באַרג,
זאָגט גאָט.

א לַגַּד, צום גאָט פון מזל.
ב לַמְנִי, צום גאָט פון באַשערונג אָדער שיקזאַל.

סו

א • כֹּה אָמַר יְהוָה הַשָּׁמַיִם כִּסְאִי וְהָאָרֶץ הֲדֹם רַגְלָי אֵי־זֶה
ב בַיִת אֲשֶׁר תִּבְנוּ־לִי וְאֵי־זֶה מָקוֹם מְנוּחָתִי׃ וְאֶת־כָּל־אֵלֶּה
יָדִי עָשָׂתָה וַיִּהְיוּ כָל־אֵלֶּה נְאֻם־יְהוָה וְאֶל־זֶה אַבִּיט אֶל־
ג עָנִי וּנְכֵה־רוּחַ וְחָרֵד עַל־דְּבָרִי׃ שׁוֹחֵט הַשּׁוֹר מַכֵּה־אִישׁ
זוֹבֵחַ הַשֶּׂה עֹרֵף כֶּלֶב מַעֲלֵה מִנְחָה דַּם־חֲזִיר מַזְכִּיר
לְבֹנָה מְבָרֵךְ אָוֶן גַּם־הֵמָּה בָּחֲרוּ בְּדַרְכֵיהֶם וּבְשִׁקּוּצֵיהֶם
ד נַפְשָׁם חָפֵצָה׃ גַּם־אֲנִי אֶבְחַר בְּתַעֲלֻלֵיהֶם וּמְגוּרֹתָם אָבִיא
לָהֶם יַעַן קָרָאתִי וְאֵין עוֹנֶה דִּבַּרְתִּי וְלֹא שָׁמֵעוּ וַיַּעֲשׂוּ הָרַע
ה בְּעֵינַי וּבַאֲשֶׁר לֹא־חָפַצְתִּי בָּחָרוּ׃ שִׁמְעוּ דְּבַר־יְהוָה
הַחֲרֵדִים אֶל־דְּבָרוֹ אָמְרוּ אֲחֵיכֶם שֹׂנְאֵיכֶם מְנַדֵּיכֶם לְמַעַן
ו שְׁמִי יִכְבַּד יְהוָה וְנִרְאֶה בְשִׂמְחַתְכֶם וְהֵם יֵבֹשׁוּ׃ קוֹל
שָׁאוֹן מֵעִיר קוֹל מֵהֵיכָל קוֹל יְהוָה מְשַׁלֵּם גְּמוּל לְאֹיְבָיו׃
ז בְּטֶרֶם תָּחִיל יָלָדָה בְּטֶרֶם יָבוֹא חֵבֶל לָהּ וְהִמְלִיטָה
ח זָכָר׃ מִי־שָׁמַע כָּזֹאת מִי רָאָה כָּאֵלֶּה הֲיוּחַל אֶרֶץ בְּיוֹם
אֶחָד אִם־יִוָּלֵד גּוֹי פַּעַם אֶחָת כִּי־חָלָה גַּם־יָלְדָה צִיּוֹן אֶת־
ט בָּנֶיהָ׃ הַאֲנִי אַשְׁבִּיר וְלֹא אוֹלִיד יֹאמַר יְהוָה אִם־אֲנִי
י הַמּוֹלִיד וְעָצַרְתִּי אָמַר אֱלֹהָיִךְ׃ שִׂמְחוּ אֶת־יְרוּשָׁלַםִ
וְגִילוּ בָהּ כָּל־אֹהֲבֶיהָ שִׂישׂוּ אִתָּהּ מָשׂוֹשׂ כָּל־הַמִּתְאַבְּלִים
יא עָלֶיהָ׃ לְמַעַן תִּינְקוּ וּשְׂבַעְתֶּם מִשֹּׁד תַּנְחֻמֶיהָ לְמַעַן תָּמֹצּוּ
יב וְהִתְעַנַּגְתֶּם מִזִּיז כְּבוֹדָהּ׃ כִּי־כֹה ׀ אָמַר יְהוָה הִנְנִי
נֹטֶה־אֵלֶיהָ כְּנָהָר שָׁלוֹם וּכְנַחַל שׁוֹטֵף כְּבוֹד גּוֹיִם וִינַקְתֶּם
יג עַל־צַד תִּנָּשֵׂאוּ וְעַל־בִּרְכַּיִם תְּשָׁעֳשָׁעוּ׃ כְּאִישׁ אֲשֶׁר אִמּוֹ
יד תְּנַחֲמֶנּוּ כֵּן אָנֹכִי אֲנַחֶמְכֶם וּבִירוּשָׁלַםִ תְּנֻחָמוּ׃ וּרְאִיתֶם
וְשָׂשׂ לִבְּכֶם וְעַצְמוֹתֵיכֶם כַּדֶּשֶׁא תִפְרַחְנָה וְנוֹדְעָה יַד־יְהוָה
טו אֶת־עֲבָדָיו וְזָעַם אֶת־אֹיְבָיו׃ כִּי־הִנֵּה יְהוָה בָּאֵשׁ יָבוֹא
וְכַסּוּפָה מַרְכְּבֹתָיו לְהָשִׁיב בְּחֵמָה אַפּוֹ וְגַעֲרָתוֹ בְּלַהֲבֵי־

---

א׳ הפטרת שבת וראש חדש חוץ מר״ח אב
ב׳ קמץ בז״ק   למדנחאי אל׳   ג׳ ח׳ כצ״ל

סו [1] אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
דער הימל איז מיין טראָן,
און די ערד איז מיין פוסבענקל;
ווו איז דאָס הויז וואָס איר קענט מיר בויען?
און ווו דער אָרט פון מיין רואונג?
[2] אַז די אַלע האָט מיין האַנט געמאַכט,
און אַזוי זיינען די אַלע געוואָרן,
זאָגט גאָט.
אָבער אויף אַזעלכן טו איך קוקן:
אויף דעם אָרימאַן און דערשלאָגענעם אין געמיט,
און דעם וואָס ציטערט איבער מיין וואָרט.

[3] דער וואָס שעכט אַן אָקס,
דערשלאָגט אַ מענטשן;
דער וואָס שלאַכט אַ שעפּס,
האַקט אָפּ דאָס געניק פון אַ הונט;
דער וואָס ברענגט אויף אַ שפּייזאָפּפער,
[ברענגט אויף] בלוט פון אַ חזיר;
דער וואָס רייכערט ווייַרויך,
בענטשט אַן אָפּגאָט.
אַזוי ווי זיי האָבן אויסגעוויילט זייערע וועגן,
און זייערע אומווערדיקייטן האָט באַגערט זייער זעל,
[4] אַזוי וועל איך אויך אויסוויילן געשפּעטן איבער זיי,
און זייערע שרעקענישן וועל איך ברענגען אויף זיי;
ווייל איך האָב גערופן, און קיינער האָט ניט געענטפערט,
גערעדט, און זיי האָבן ניט געהערט;
נאָר זיי האָבן געטאָן וואָס איז שלעכט אין מיינע אויגן,
און וואָס איך האָב ניט געוואָלט האָבן זיי אויסגעוויילט.

[5] הערט דאָס וואָרט פון גאָט,
איר וואָס ציטערט איבער זיין וואָרט:
עס האָבן געזאָגט אייַערע ברידער וואָס האָבן אייַך פיינט,
די וואָס פאַרשטויסן אייַך פון וועגן מיין נאָמען:
„זאָל גאָט געערלעכט ווערן,
און לאָמיר זען אייַער שמחה!"
אָבער זיי וועלן פאַרשעמט ווערן.
[6] אַ קָול פון טומל פון דער שטאָט,
אַ קָול פון דעם טעמפּל!
אַ קָול פון גאָט וואָס באַצאָלט
פאַרגעלטונג צו זיינע פיינט.
[7] איידער זי האָט געווייטאָקט,
האָט זי געבאָרן,
איידער ווייעניש איז געקומען אויף איר,
אַזוי האָט זי אַ ייִנגל געהאַט.
[8] ווער האָט געהערט אַזוינס?
ווער האָט געזען אַזוי־וואָס?
ווערט אַ לאַנד אויסגעווייטאָקט אין איין טאָג?
ווערט געבאָרן אַ פאָלק מיט איין מאָל?
וואָרום ווי זי האָט געווייטאָקט,
אַזוי האָט ציון אירע קינדער געבאָרן.
[9] וועל איך ביז געבורט ברענגען, און ניט מאַכן געבערן?
זאָגט גאָט;
וועל איך, וואָס מאַך געבערן, פאַרהאַלטן?
זאָגט דיין גאָט.

[10] פרייט זיך מיט ירושָלַיִם, און קוועלט אָן אין איר,
אַלע אירע ליבהאָבער;
לוסטיקט אייַך לוסטיק מיט איר,
איר אַלע וואָס טרויערט אויף איר;
[11] ווייל איר וועט זייגן און זיך זעטן
פון דער ברוסט פון אירע נחמות,
ווייל איר וועט ווּפּן און זיך קוויקן
פון דעם זויגנאָפּל פון איר שֶפע.
[12] וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, איך נייג צו איר שלום ווי אַ טייך,
און ווי אַ פלייציקן שטראָם די רייכקייט פון די פעלקער,
און איר וועט זייגן דערפון.
אויפן זייט וועט איר געטראָגן ווערן,
און אויף די קני וועט איר געצערטלט ווערן.
[13] ווי איינער וואָס זיין מוטער טוט אים טרייסטן,
אַזוי וועל איך אייַך טרייסטן;
און אין ירושָלַיִם וועט איר געטרייסט ווערן.
[14] און איר וועט זען, און אַייער האַרץ וועט זיך פרייען,
און אַייערע ביינער וועלן ווי גראָז בליען;
און די האַנט פון גאָט וועט דערוווסט ווערן ביי זיינע קנעכט,
און ער וועט צערענען אויף זיינע פיינט.

[15] וואָרום זע, גאָט וועט קומען מיט פייער,
און ווי אַ שטורעמווינט זיינע רייטוועגן,
אויסצולאָזן מיט גרים זיין צאָרן,
און זיין אָנגעשריי מיט פלאַמען פייער.

16 וואָרום מיט פייער טוט זיך משפטן גאָט,
און מיט זיין שווערד, מיט אַלע לייבער;
און פיל וועלן זיין די דערשלאָגענע פון גאָט.
17 די וואָס הייליקן זיך און ריי‌ניקן זיך
צו גיין אין די גערטנער,
הינטער איינער אין מיטן,
די וואָס עסן פלייש פון חזיר,
און אומווערדיקייטן און מייז,
וועלן אין איינעם פאַרלענדט ווערן,
זאָגט גאָט.
18 וואָרום [איך וויס] זייערע מעשׂים און זייערע טראַכ־
טונגען;
[די צייט] קומט אַיינצוזאַמלען אַלע פעלקער און לשונות,
זיי זאָלן קומען און זען מיין כּבוד.

19 און איך וועל טאָן צווישן זיי אַ וווּנדערצייכן,
און איך וועל שיקן פון זיי אַנטרונענע צו די פעלקער,
צו תּרשיש, פּול, און לוד, די בויגנשפּאַנערס,
צו תּובל און יָוָן, די ווייטע אינדזלען,
וואָס האָבן ניט געהערט מיין הערונג, און ניט געזען מיין
כּבוד;
און זיי וועלן דערציילן מיין כּבוד צווישן די פעלקער.
20 און זיי וועלן ברענגען אַלע אַייערע ברידער,
פון אַלע פעלקער, אַ מתּנה צו גאָט,
אויף פערד און אויף קאָטשן און אויף טראָגוועגן,
און אויף מוילאייזלען, און אויף יאָגקעמלען,
צו מיין הייליקן באַרג ירושָלַיִם, זאָגט גאָט,
אַזוי ווי די קינדער פון ישׂראל ברענגען דאָס שפּייזאָפּפער
אין אַ ריינער כּלי אין הויז פון גאָט.
21 און אויך פון זיי וועל איך נעמען
פאַר כּהנים און פאַר לוִיִם, זאָגט גאָט.
22 וואָרום ווי די נייע הימלען,
און די נייע ערד, וואָס איך מאַך,
וועלן באַשטיין פאַר מיר, זאָגט גאָט,
אַזוי וועט באַשטיין אַייער זאָמען און אַייער נאָמען.
23 און עס וועט זיין,
ראַש־חודש אין ראש־חודש,
און שבת אין שבת,
וועלן קומען אַלע לייבער,
זיך בוקן פאַר מיר, זאָגט גאָט.
24 און זיי וועלן אַרויסגיין און וועלן קוקן
אויף די פּגרים פון די מענטשן
וואָס האָבן געבראָכן אָן מיר;
וואָרום זייער וואָרעם וועט ניט שטאַרבן,
און זייער פייער וועט ניט פאַרלאָשן ווערן,
און זיי וועלן זיין אַן עקל פאַר אַלע לייבער.

טז אֵשׁ׃ כִּי בָאֵשׁ יְהוָה נִשְׁפָּט וּבְחַרְבּוֹ אֶת־כָּל־בָּשָׂר וְרַבּוּ
יז חַלְלֵי יְהוָה׃ הַמִּתְקַדְּשִׁים וְהַמִּטַּהֲרִים אֶל־הַגַּנּוֹת אַחַר
אַחַד בַּתָּוֶךְ אֹכְלֵי בְּשַׂר הַחֲזִיר וְהַשֶּׁקֶץ וְהָעַכְבָּר יַחְדָּו
יח יָסֻפוּ נְאֻם־יְהוָה׃ וְאָנֹכִי מַעֲשֵׂיהֶם וּמַחְשְׁבֹתֵיהֶם בָּאָה
לְקַבֵּץ אֶת־כָּל־הַגּוֹיִם וְהַלְּשֹׁנוֹת וּבָאוּ וְרָאוּ אֶת־כְּבוֹדִי׃
יט וְשַׂמְתִּי בָהֶם אוֹת וְשִׁלַּחְתִּי מֵהֶם ׀ פְּלֵיטִים אֶל־הַגּוֹיִם
תַּרְשִׁישׁ פּוּל וְלוּד מֹשְׁכֵי קֶשֶׁת תֻּבַל וְיָוָן הָאִיִּים הָרְחֹקִים
אֲשֶׁר לֹא־שָׁמְעוּ אֶת־שִׁמְעִי וְלֹא־רָאוּ אֶת־כְּבוֹדִי וְהִגִּידוּ
כ אֶת־כְּבוֹדִי בַּגּוֹיִם׃ וְהֵבִיאוּ אֶת־כָּל־אֲחֵיכֶם ׀ מִכָּל־הַגּוֹיִם ׀
מִנְחָה ׀ לַיהוָה בַּסּוּסִים וּבָרֶכֶב וּבַצַּבִּים וּבַפְּרָדִים
וּבַכִּרְכָּרוֹת עַל הַר קָדְשִׁי יְרוּשָׁלִַם אָמַר יְהוָה כַּאֲשֶׁר יָבִיאוּ
כא בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־הַמִּנְחָה בִּכְלִי טָהוֹר בֵּית יְהוָה׃ וְגַם־
כב מֵהֶם אֶקַּח לַכֹּהֲנִים לַלְוִיִּם אָמַר יְהוָה׃ כִּי כַאֲשֶׁר הַשָּׁמַיִם
הַחֲדָשִׁים וְהָאָרֶץ הַחֲדָשָׁה אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה עֹמְדִים לְפָנַי
כג נְאֻם־יְהוָה כֵּן יַעֲמֹד זַרְעֲכֶם וְשִׁמְכֶם׃ וְהָיָה מִדֵּי־חֹדֶשׁ בְּחָדְשׁוֹ
וּמִדֵּי שַׁבָּת בְּשַׁבַּתּוֹ יָבוֹא כָל־בָּשָׂר לְהִשְׁתַּחֲוֹת לְפָנַי אָמַר
כד יְהוָה׃ וְיָצְאוּ וְרָאוּ בְּפִגְרֵי הָאֲנָשִׁים הַפֹּשְׁעִים בִּי כִּי תוֹלַעְתָּם
לֹא תָמוּת וְאִשָּׁם לֹא תִכְבֶּה וְהָיוּ דֵרָאוֹן לְכָל־בָּשָׂר׃

יז׳ אחת קרי   כג׳ סבירין יבאו

וְהָיָה מִדֵּי־חֹדֶשׁ בְּחָדְשׁוֹ וּמִדֵּי שַׁבָּת בְּשַׁבַּתּוֹ יָבוֹא כָל־
בָּשָׂר לְהִשְׁתַּחֲוֹת לְפָנַי אָמַר יְהוָה׃ ית׳ק׳ק סימן

**און עס וועט זיין,**
**ראש־חודש אין ראש־חודש,**
**און שבת אין שבת,**
**וועלן קומען אַלע לייבער,**
**זיך בוקן פאַר מיר, זאָגט גאָט.**

# חזק ונתחזק

סכום הפסוקים של ישעיה אלף ומאתים ותשעים וחמשה. בריח
ניחח ארצה אתכם סימן. וחציו. כי אם שם אדיר יי לנו.
וסדריו. כ״ו. והיה יי למלך על כל הארץ סימן:

# יִרְמְיָה

1 דִּבְרֵי יִרְמְיָהוּ בֶּן־חִלְקִיָּהוּ מִן־הַכֹּהֲנִים אֲשֶׁר בַּעֲנָתוֹת א
בְּאֶרֶץ בִּנְיָמִן׃ אֲשֶׁר הָיָה דְבַר־יְהוָה אֵלָיו בִּימֵי יֹאשִׁיָּהוּ ב
בֶן־אָמוֹן מֶלֶךְ יְהוּדָה בִּשְׁלֹשׁ־עֶשְׂרֵה שָׁנָה לְמָלְכוֹ׃ וַיְהִי ג
בִּימֵי יְהוֹיָקִים בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה עַד־תֹּם עַשְׁתֵּי־
עֶשְׂרֵה שָׁנָה לְצִדְקִיָּהוּ בֶן־יֹאשִׁיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה עַד־גְּלוֹת
יְרוּשָׁלַ͏ִם בַּחֹדֶשׁ הַחֲמִישִׁי׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי ד
לֵאמֹר׃ בְּטֶרֶם אֶצָּורְךָ בַבֶּטֶן יְדַעְתִּיךָ וּבְטֶרֶם תֵּצֵא ה
מֵרֶחֶם הִקְדַּשְׁתִּיךָ נָבִיא לַגּוֹיִם נְתַתִּיךָ׃ וָאֹמַר אֲהָהּ ו
אֲדֹנָי יֱהוִה הִנֵּה לֹא־יָדַעְתִּי דַּבֵּר כִּי־נַעַר אָנֹכִי׃ וַיֹּאמֶר ז
יְהוָה אֵלַי אַל־תֹּאמַר נַעַר אָנֹכִי כִּי עַל־כָּל־אֲשֶׁר אֶשְׁלָחֲךָ
תֵּלֵךְ וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר אֲצַוְּךָ תְּדַבֵּר׃ אַל־תִּירָא מִפְּנֵיהֶם ח
כִּי־אִתְּךָ אֲנִי לְהַצִּלֶךָ נְאֻם־יְהוָה׃ וַיִּשְׁלַח יְהוָה אֶת־יָדוֹ ט
וַיַּגַּע עַל־פִּי וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי הִנֵּה נָתַתִּי דְבָרַי בְּפִיךָ׃
רְאֵה הִפְקַדְתִּיךָ ׀ הַיּוֹם הַזֶּה עַל־הַגּוֹיִם וְעַל־הַמַּמְלָכוֹת י
לִנְתוֹשׁ וְלִנְתוֹץ וּלְהַאֲבִיד וְלַהֲרוֹס לִבְנוֹת וְלִנְטוֹעַ׃
וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר מָה־אַתָּה רֹאֶה יִרְמְיָהוּ וָאֹמַר יא
מַקֵּל שָׁקֵד אֲנִי רֹאֶה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי הֵיטַבְתָּ לִרְאוֹת יב
כִּי־שֹׁקֵד אֲנִי עַל־דְּבָרִי לַעֲשֹׂתוֹ׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה ׀ יג
אֵלַי שֵׁנִית לֵאמֹר מָה אַתָּה רֹאֶה וָאֹמַר סִיר נָפוּחַ אֲנִי
רֹאֶה וּפָנָיו מִפְּנֵי צָפוֹנָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָי מִצָּפוֹן תִּפָּתַח יד

א׳ הפטרת שמות לספרדים וגם הפטרה לשבת אחר י״ז בתמוז ה׳ ו׳ יחזקה

א 1 די ווערטער פון יִרמְיָהו דעם זון פון חִלקִיָהון, פון די כֹּהנים וואָס אין עֲנָתות אין לאַנד בּנימין, 2 וואָס דאָס וואָרט פון גאָט איז צו אים געווען אין די טעג פון יאשִיָהו דעם זון פון אָמונען, דעם מלך פון יהודה, אין דרייצנטן יאָר פון זיין מלוכה, 3 און איז אויך געווען אין די טעג פון יהויָקים דעם זון פון יאשִיָהון, דעם מלך פון יהודה, בּיזן סוֹף פון עלפטן יאָר פון צִדקִיָהו דעם זון פון יאשִיָהון, דעם מלך פון יהודה, בּיז דעם גלות פון ירושָלַיִם אין פינפטן חודש.

4 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:

5 איידער איך האָבּ דיך אין מוטערלייבּ געפורעמט,
האָבּ איך דיך דערקענט,
און איידער דו בּיסט פון טראַכט אַרויס,
האָבּ איך דיך געהייליקט;
אַ נביא פאַר די פעלקער
האָבּ איך דיך געמאַכט.

6 האָבּ איך געזאָגט: וויי, גאָט דו האַר, איך קען דאָך ניט רעדן, וואָרום איך בּין אַ יִינגל. 7 האָט גאָט צו מיר געזאָגט:

זאָלסט ניט זאָגן: איך בּין אַ יִינגל,
נייערט אומעטום ווו איך וועל דיך שיקן זאָלסטו גיין,
און אַלץ וואָס איך וועל דיר בּאַפעלן זאָלסטו רעדן.
8 זאָלסט ניט מורא האָבּן פאַר זיי,
וואָרום איך בּין מיט דיר, דיך מציל צו זיין,
זאָגט גאָט.

9 און גאָט האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און צוגערירט, צו מיין מויל, און גאָט האָט צו מיר געזאָגט:

אָט האָב איך געגעבן מיינע ווערטער אין דיין מויל;
10 זע, איך האָב דיך געשטעלט היינטיקן טאָג
איבּער די פעלקער און איבּער די קיניגרייכן,
אויסצורייסן און איינצוּוואַרפן,
און אונטערצוּבּרענגען און צו צעשטערן;
צו בּויען און צו פלאַנצן.

11 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן: וואָס זעסטו, יִרמְיָהו? האָבּ איך געזאָגט: אַ מאַנדלשטאָק[א] זע איך. 12 האָט גאָט צו מיר געזאָגט: האָסט ווויל געזען, וואָרום איך פאַס־אויף[א] אויף מיין וואָרט עס צו טאָן.

13 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַ צווייט מאָל, אַזוי צו זאָגן: וואָס זעסטו? האָבּ איך געזאָגט: אַ זודיקן טאָפּ זע איך, און זיין פאָדערזייט איז קעגן צפון. 14 האָט גאָט צו מיר געזאָגט:

[א] וואָרטשפּיל: שָׁקֵד שֹׁקֵד.

טו הָרָעָה עַל כָּל־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ׃ כִּי | הִנְנִי קֹרֵא לְכָל־
מִשְׁפְּחוֹת מַמְלְכוֹת צָפוֹנָה נְאֻם־יְהוָה וּבָאוּ וְנָתְנוּ אִישׁ
כִּסְאוֹ פֶּתַח | שַׁעֲרֵי יְרוּשָׁלִַם וְעַל כָּל־חוֹמֹתֶיהָ סָבִיב וְעַל
טז כָּל־עָרֵי יְהוּדָה׃ וְדִבַּרְתִּי מִשְׁפָּטַי אוֹתָם עַל כָּל־רָעָתָם
אֲשֶׁר עֲזָבוּנִי וַיְקַטְּרוּ לֵאלֹהִים אֲחֵרִים וַיִּשְׁתַּחֲווּ לְמַעֲשֵׂי
יז יְדֵיהֶם׃ וְאַתָּה תֶּאְזֹר מָתְנֶיךָ וְקַמְתָּ וְדִבַּרְתָּ אֲלֵיהֶם אֵת
כָּל־אֲשֶׁר אָנֹכִי אֲצַוֶּךָּ אַל־תֵּחַת מִפְּנֵיהֶם פֶּן־אֲחִתְּךָ
יח לִפְנֵיהֶם׃ וַאֲנִי הִנֵּה נְתַתִּיךָ הַיּוֹם לְעִיר מִבְצָר וּלְעַמּוּד
בַּרְזֶל וּלְחֹמוֹת נְחֹשֶׁת עַל־כָּל־הָאָרֶץ לְמַלְכֵי יְהוּדָה לְשָׂרֶיהָ
יט לְכֹהֲנֶיהָ וּלְעַם הָאָרֶץ׃ וְנִלְחֲמוּ אֵלֶיךָ וְלֹא־יוּכְלוּ לָךְ כִּי־
אִתְּךָ אֲנִי נְאֻם־יְהוָה לְהַצִּילֶךָ׃

## ב

א וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ ב הָלֹךְ וְקָרָאתָ בְאָזְנֵי יְרוּשָׁלִַם
לֵאמֹר כֹּה אָמַר יְהוָה זָכַרְתִּי לָךְ חֶסֶד נְעוּרַיִךְ אַהֲבַת
ג כְּלוּלֹתָיִךְ לֶכְתֵּךְ אַחֲרַי בַּמִּדְבָּר בְּאֶרֶץ לֹא זְרוּעָה׃ קֹדֶשׁ
יִשְׂרָאֵל לַיהוָה רֵאשִׁית תְּבוּאָתֹה כָּל־אֹכְלָיו יֶאְשָׁמוּ רָעָה
ד תָּבֹא אֲלֵיהֶם נְאֻם־יְהוָה׃ שִׁמְעוּ דְבַר־יְהוָה בֵּית
ה יַעֲקֹב וְכָל־מִשְׁפְּחוֹת בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ כֹּה | אָמַר יְהוָה מַה־
מָּצְאוּ אֲבוֹתֵיכֶם בִּי עָוֶל כִּי רָחֲקוּ מֵעָלָי וַיֵּלְכוּ אַחֲרֵי
ו הַהֶבֶל וַיֶּהְבָּלוּ׃ וְלֹא אָמְרוּ אַיֵּה יְהוָה הַמַּעֲלֶה אֹתָנוּ מֵאֶרֶץ
מִצְרָיִם הַמּוֹלִיךְ אֹתָנוּ בַּמִּדְבָּר בְּאֶרֶץ עֲרָבָה וְשׁוּחָה
בְּאֶרֶץ צִיָּה וְצַלְמָוֶת בְּאֶרֶץ לֹא־עָבַר בָּהּ אִישׁ וְלֹא־יָשַׁב
ז אָדָם שָׁם׃ וָאָבִיא אֶתְכֶם אֶל־אֶרֶץ הַכַּרְמֶל לֶאֱכֹל פִּרְיָהּ
וְטוּבָהּ וַתָּבֹאוּ וַתְּטַמְּאוּ אֶת־אַרְצִי וְנַחֲלָתִי שַׂמְתֶּם לְתוֹעֵבָה׃
ח הַכֹּהֲנִים לֹא אָמְרוּ אַיֵּה יְהוָה וְתֹפְשֵׂי הַתּוֹרָה לֹא יְדָעוּנִי
וְהָרֹעִים פָּשְׁעוּ בִי וְהַנְּבִאִים נִבְּאוּ בַבַּעַל וְאַחֲרֵי לֹא־
ט יוֹעִלוּ הָלָכוּ׃ לָכֵן עֹד אָרִיב אִתְּכֶם נְאֻם־יְהוָה וְאֶת־בְּנֵי

ב, ג׳ קמץ בז״ק ע״כ ד׳ הפטרת מסעי

פון צפון וועט אויסברעכן דאָס בייז
אויף אַלע באַוווינער פון לאַנד.
15 וואָרום זע, איך רוף צו אַלע משפחות
פון די קיניגרייכן צו צפון, זאָגט גאָט,
און זיי וועלן קומען, און וועלן שטעלן איטלעכער זיין טראָן
ביים אײַנגאַנג פון די טויערן פון ירושָלַיִם,
און קעגן אַלע אירע מויערן רונד אַרום,
און קעגן אַלע שטעט פון יהודה.
16 און איך וועל זיי אַרויסזאָגן מיין משפט
פאַר אַל זייער שלעכטיקייט,
וואָס זיי האָבן מיך פאַרלאָזן,
און גערייכערט צו פרעמדע געטער,
און זיך געבוקט צו די ווערק פון זייערע הענט.
17 און דו זאָלסט אָנגורטן דיינע לענדן,
און זאָלסט אויפשטיין און רעדן צו זיי
אַלץ וואָס איך וועל דיר באַפעלן;
זאָלסט זיך ניט שרעקן פאַר זיי,
כּדי איך זאָל דיך ניט דערשרעקן פאַר זיי.
18 וואָרום זע, איך האָב דיך היינט געמאַכט
פאַר אַ באַפעסטיקטער שטאָט,
און פאַר אַן אײַזערנעם זײַל,
און פאַר קופּערנע מויערן אַקעגן גאַנצן לאַנד,
קעגן די מלכים פון יהודה, קעגן אירע האַרן,
קעגן אירע כּהנים, און קעגן דעם פאָלק פון לאַנד.
19 און זיי וועלן מלחמה האַלטן אַקעגן דיר,
און וועלן דיך ניט בייקומען,
וואָרום איך בין מיט דיר, זאָגט גאָט,
דיך מציל צו זיין.

ב 1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן: 2 גיי און זאָלסט רופן אין די אויערן פון ירושָלַיִם, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
איך געדענק דיר די גינציקייט פון דיין יוגנט,
די ליבשאַפט פון דיין כּלה־צייט;
דיין גיין נאָך מיר אין דער מדבר,
אין אַ לאַנד ניט געזייט.
3 הייליק ביי גאָט איז ישׂראל,
דאָס ערשטע פון זיין תּבואה;
אַלע זיינע פאַרצערער וועלן פאַרוויסט ווערן;
אַ בייזעניש וועט קומען אויף זיי,
זאָגט גאָט.

4 הערט דאָס וואָרט פון גאָט, איר הויז פון יעקב,
און אַלע משפחות פון הויז פון ישׂראל;
5 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
וואָס האָבן אײַערע עלטערן אין מיר אַן עוולה געפונען,
וואָס זיי האָבן זיך דערווייטערט פון מיר,
און געגאַנגען נאָך נישטיק און נישטיק געוואָרן?
6 און זיי האָבן ניט געזאָגט: ווו איז גאָט
וואָס האָט אונדז אויפגעבראַכט פון לאַנד מִצרַיִם,
וואָס האָט אונדז געפירט דורכן מדבר,
דורך אַ לאַנד פון וויסטעניש און גריבער,
דורך אַ לאַנד פון טריקעניש און טויטשאָטן,
דורך אַ לאַנד וואָס קיין מענטש איז ניט דורכגעגאַנגען דערין,
און קיין מוטערמענטש האָט ניט געוווינט דאָרטן?
7 און איך האָב אײַך געבראַכט אין אַ פרוכטיקן לאַנד,
צו עסן איר פרוכט און איר גוטס;
און איר זייט געקומען און האָט פאַראומריייניקט מיין לאַנד,
און געמאַכט מיין אַרב פאַר אַן אומווערדיקייט.
8 די כּהנים האָבן ניט געזאָגט: ווו איז גאָט?
און די אויפהאַלטער פון דער תּורה האָבן מיך ניט געקענט,
און די פאַסטוכער האָבן געבראָכן אָן מיר,
און די נביאים האָבן נביאות געזאָגט פאַר בַּעַל,
און נאָך די וואָס נוצן ניט, זיינען זיי געגאַנגען.
9 דרום וועל איך נאָך קריגן מיט אײַך, זאָגט גאָט,
און מיט אײַערע קינדסקינדער וועל איך קריגן.

י בְּנֵיכֶם אָרִיב: כִּי עִבְרוּ אִיֵּי כִתִּיִּים וּרְאוּ וְקֵדָר שִׁלְחוּ
יא וְהִתְבּוֹנְנוּ מְאֹד וּרְאוּ הֵן הָיְתָה כָּזֹאת: הַהֵימִיר גּוֹי אֱלֹהִים
יב וְהֵמָּה לֹא אֱלֹהִים וְעַמִּי הֵמִיר כְּבוֹדוֹ בְּלוֹא יוֹעִיל: שֹׁמּוּ
יג שָׁמַיִם עַל־זֹאת וְשַׂעֲרוּ חָרְבוּ מְאֹד נְאֻם־יְהוָה: כִּי־שְׁתַּיִם
רָעוֹת עָשָׂה עַמִּי אֹתִי עָזְבוּ מְקוֹר ׀ מַיִם חַיִּים לַחְצֹב
לָהֶם בֹּארוֹת בֹּארֹת נִשְׁבָּרִים אֲשֶׁר לֹא־יָכִלוּ הַמָּיִם:
יד הַעֶבֶד יִשְׂרָאֵל אִם־יְלִיד בַּיִת הוּא מַדּוּעַ הָיָה לָבַז:
טו עָלָיו יִשְׁאֲגוּ כְפִרִים נָתְנוּ קוֹלָם וַיָּשִׁיתוּ אַרְצוֹ לְשַׁמָּה עָרָיו
טז נִצְּתָה מִבְּלִי יֹשֵׁב: גַּם־בְּנֵי־נֹף וְתַחְפַּנֵס יִרְעוּךְ קָדְקֹד:
יז הֲלוֹא־זֹאת תַּעֲשֶׂה־לָּךְ עָזְבֵךְ אֶת־יְהוָה אֱלֹהַיִךְ בְּעֵת
יח מוֹלִכֵךְ בַּדָּרֶךְ: וְעַתָּה מַה־לָּךְ לְדֶרֶךְ מִצְרַיִם לִשְׁתּוֹת
יט מֵי שִׁחוֹר וּמַה־לָּךְ לְדֶרֶךְ אַשּׁוּר לִשְׁתּוֹת מֵי נָהָר: תְּיַסְּרֵךְ
רָעָתֵךְ וּמְשֻׁבוֹתַיִךְ תּוֹכִחֻךְ וּדְעִי וּרְאִי כִּי־רַע וָמָר עָזְבֵךְ
אֶת־יְהוָה אֱלֹהָיִךְ וְלֹא פַחְדָּתִי אֵלַיִךְ נְאֻם־אֲדֹנָי יְהוִה
כ צְבָאוֹת: כִּי מֵעוֹלָם שָׁבַרְתִּי עֻלֵּךְ נִתַּקְתִּי מוֹסְרוֹתַיִךְ
וַתֹּאמְרִי לֹא אֶעֱבוֹד כִּי עַל־כָּל־גִּבְעָה גְּבֹהָה וְתַחַת כָּל־
כא עֵץ רַעֲנָן אַתְּ צֹעָה זֹנָה: וְאָנֹכִי נְטַעְתִּיךְ שֹׂרֵק כֻּלֹּה זֶרַע
כב אֱמֶת וְאֵיךְ נֶהְפַּכְתְּ לִי סוּרֵי הַגֶּפֶן נָכְרִיָּה: כִּי אִם־תְּכַבְּסִי
בַּנֶּתֶר וְתַרְבִּי־לָךְ בֹּרִית נִכְתָּם עֲוֺנֵךְ לְפָנַי נְאֻם אֲדֹנָי
כג יְהוִה: אֵיךְ תֹּאמְרִי לֹא נִטְמֵאתִי אַחֲרֵי הַבְּעָלִים לֹא
הָלַכְתִּי רְאִי דַרְכֵּךְ בַּגַּיְא דְּעִי מֶה עָשִׂית בִּכְרָה קַלָּה
כד מְשָׂרֶכֶת דְּרָכֶיהָ: פֶּרֶה ׀ לִמֻּד מִדְבָּר בְּאַוַּת נַפְשָׁו שָׁאֲפָה
רוּחַ תַּאֲנָתָהּ מִי יְשִׁיבֶנָּה כָּל־מְבַקְשֶׁיהָ לֹא יִיעָפוּ בְּחָדְשָׁהּ
כה יִמְצָאוּנְהָ: מִנְעִי רַגְלֵךְ מִיָּחֵף וּגְוֹרְנֵךְ מִצִּמְאָה וַתֹּאמְרִי
כו נוֹאָשׁ לוֹא כִּי־אָהַבְתִּי זָרִים וְאַחֲרֵיהֶם אֵלֵךְ: כְּבֹשֶׁת גַּנָּב
כִּי יִמָּצֵא כֵּן הֹבִישׁוּ בֵּית יִשְׂרָאֵל הֵמָּה מַלְכֵיהֶם שָׂרֵיהֶם
כז וְכֹהֲנֵיהֶם וּנְבִיאֵיהֶם: אֹמְרִים לָעֵץ אָבִי אַתָּה וְלָאֶבֶן אַתְּ

יד׳ פתח בס״פ   טו׳ נצתו קרי   טז׳ ותחפנחס קרי   יט׳ קמץ מ״ק
כ׳ אעבור קרי   כד׳ ה׳ במקום א׳   נפשה קרי   כה׳ וגרונך קרי

10 וואָרום פאָרט דורך די אינדזלען פון די כִּתִּים, און זעט,
און קיין קֵדָר שיקט, און קוקט זיך גוט צו,
און זעט אויב אַזוינס איז געשען.
11 האָט דען אַ פאָלק פאַרביטן זיינע געטער?
וואָס זיי זיינען קיין געטער ניט;
און מיין פאָלק האָט פאַרביטן זיין כבוד
אויף וואָס נוצט ניט.
12 גרוילט איר הימלען[א] איבער דעם,
און שוידערט, ווערט באַנומען ביז גאָר,
זאָגט גאָט.
13 וואָרום אַ צווייעדיק בייז האָט געטאָן מיין פאָלק:
זיי האָבן פאַרלאָזן מיך, דעם קוואַל פון לעבעדיקע וואַסער,
זיך צו האַקן ברונעמער, צעבראָכענע ברונעמער,
וואָס קענען דאָס וואַסער ניט האַלטן.

14 איז אַ קנעכט ישׂראל?
צי אַ הויזגעבאָרענער שקלאַף איז ער?
פאַרוואָס איז ער צו רויב געוואָרן?
15 אויף אים ברילן די יונגלייבן,
זיי לאָזן אַרויס זייער קָול,
און זיי האָבן געמאַכט זיין לאַנד צו וויסט;
זיינע שטעט זיינען חָרב, אָן אַ באַוווינער.
16 אויך די זין פון נוֹף און תַּחפַּנחֵס
טוען אויף דיין שאַרבן פיטערן.
17 פאַרוואָר, דאָס האָט דיר אָנגעמאַכט
וואָס דו האָסט פאַרלאָזן יהוה דיין גאָט,
בעת ער האָט דיך אויפן וועג געפירט.
18 און אַצונדערט ווי קומסטו אויפן וועג קיין מִצרַיִם,
צו טרינקען דאָס וואַסער פון שיחוֹר?
און ווי קומסטו אויפן וועג קיין אַשור,
צו טרינקען דאָס וואַסער פון טייך[ב]?
19 דיין שלעכטיקייט וועט דיך אָנלערנען,
און דיינע אָפּקערונגען וועלן דיך שטראָפן;
און ווייס און זע, אַז שלעכט איז און ביטער
וואָס דו האָסט פאַרלאָזן יהוה דיין גאָט,
און מיין מוֹרא איז ניט אויף דיר,
זאָגט יהוה דער גאָט פון צבָאוֹת.

20 וואָרום פון אייביק אָן האָב איך צעבראָכן דיין יאָך,
צעריסן דיינע בינדשטריק,
און דו האָסט געזאָגט: איך וועל ניט איבערטרעטן;
אָבער אויף יעטוועדער הויכן בערגל,
און אונטער יעטוועדער צווייגהאַפטיקן בוים,
שטרעקסטו ווי אַ זוֹנה זיך אויס.
21 און איך האָב דיך געפלאַנצט אַ ווויל וויינריטל,
לויטער ריכטיקן זאָמען;
און ווי ביסטו מיר פאַרקערט געוואָרן
אין ווילדוווּקסן פון פרעמדן וויינשטאָק!
22 וואָרום, אַז דו זאָלסט זיך וואַשן מיט לויג,
און זאָלסט מערן אויף דיר זייף,
איז געפלעקט דיין זינד פאַר מיר,
זאָגט גאָט דער האַר.

23 ווי קענסטו זאָגן: איך האָב מיך ניט פאַראומרייניקט,
נאָך די בַּעַל־געטער בין איך ניט געגאַנגען?
זע דיין פירונג אין טאָל,
מערק וואָס דו האָסט געטאָן,
דו פלינקע קעמעלין, וואָס פאַרדרייט אירע וועגן;
24 אַ ווילדע אייזעלין צום מדבר געוווינט,
וואָס שלינגט דעם ווינט אין דער גלוסטונג פון איר זעל;
פון איר פאָרונג ווער קען זי אָפּהאַלטן?
אַלע אירע זוכער דאַרפן זיך ניט אַיינמיען,
אין איר חוֹדש וועלן זיי זי געפינען.
25 „פאַרמייד דיין פוס פון באָרוועס זיין,
און דיין קעל פון דאָרשטיקייט";
אָבער דו האָסט געזאָגט: אומזיסט, ניין!
נייערט פרעמדע האָב איך ליב,
און נאָך זיי וועל איך גיין.

26 ווי די שאַנד פון אַ גנב אַז ער ווערט געפונען,
אַזוי איז צו שאַנד דאָס הויז פון ישׂראל,
זיי, זייערע מלכים, זייערע האַרן,
און זייערע כּהנים, און זייערע נביאים.
27 זיי זאָגן צו אַ האָלץ: ביסט מיין פאָטער!

[א] ווערטשפיל: שֹׁמּוּ שָׁמַיִם. [ב] פְּרָת.

און צו אַ שטיין: דו האָסט אונדז געבאָרן!
וואָרום זיי האָבן געקערט דעם רוקן צו מיר, און ניט דעם
פּנים;
נאָר אין צייט פון זייער אומגליק זאָגן זיי:
שטיי אויף און העלף אונדז.
28 און ווּ ווײַנען דײַנע געטער וואָס דו האָסט דיר געמאַכט?
זאָלן זיי אויפשטיין אויב זיי קענען דיר העלפן
אין צייט פון דײַן אומגליק;
וואָרום אַזוי ווי די צאָל פון דײַנע שטעט,
זײַנען דײַנע געטער, יהודה.
29 פאַרוואָס קריגט איר אויף מיר?
איר אַלע האָט געבראָכן אָן מיר,
זאָגט גאָט.
30 אומזיסט האָב איך געשלאָגן אײַערע קינדער,
זיי האָבן קיין מוסר ניט גענומען;
אײַער שווערד האָט פאַרצערט אײַערע נביאים,
ווי אַ מערדערישער לייב.
31 איר דור, זעט דאָס וואָרט פון גאָט.
בין איך דען געווען אַ מדבר צו ישׂראל?
צי אַ לאַנד פון שטאָקפינצטערניש?
פאַרוואָס זאָגט מײַן פאָלק:
מיר ווילן זיך אומטרייבן,
מיר וועלן מער ניט קומען צו דיר?
32 קען אַ יונגפרוי פאַרגעסן איר צירונג,
אַ כלה אירע שלייפן?
און מײַן פאָלק האָט מיך פאַרגעסן
טעג אָן אַ צאָל.

33 ווי באַשײַנסטו דײַן וועג
ליבשאַפט צו זוכן!
פאַרוואָר, אַפילו די ערגסטע
קענסטו דײַנע וועגן לערנען.
34 אין דײַנע ברעגן געפינט זיך אויך בלוט
פון נפשות פון אומשולדיקע אָרימע–
ניט בײַ אַן אײַנברעכונג האָסטו זיי געפונען;
אָבער בײַ אַלעם דעם 35 זאָגסטו:
פאַרוואָר, איך בין אומשולדיק,
זײַן צאָרן האָט זיך געוויס אָפּגעקערט פון מיר.
זע, איך משפּט זיך מיט דיר
פאַר דײַן זאָגן: איך האָב ניט געזינדיקט.
36 ווי זייער וואַלגערסטו דיך
צו בײַטן דײַן וועג!
וועסט אויך פון מצרים פאַרשעמט ווערן,
ווי דו ביסט פאַרשעמט געוואָרן פון אַשור.
37 אויך פון דעמדאָזיקן וועסטו אַרויסגיין
מיט דײַנע הענט איבער דײַן קאָפּ,
וואָרום גאָט פאַראַכט דײַנע בטחונות,
און וועסט מיט זיי ניט באַגליקן.

ג 1 .....אַזוי צו זאָגן:
אַז אַ מאַן שיקט אַוועק זײַן ווײַב,
און זי גייט אַוועק פון אים,
און ווערט אַן אַנדער מאַנס,
וועט ער דען זיך ווידער אומקערן צו איר?
וואָלט ניט זינדיק פאַרזינדיקט ווערן יענע לאַנד?

יְלִדְתָּנִי כִּֽי־פָנוּ אֵלַי עֹרֶף וְלֹא פָנִים וּבְעֵת רָעָתָם יֹאמְרוּ
כח קוּמָה וְהוֹשִׁיעֵנוּ׃ וְאַיֵּה אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר עָשִׂיתָ לָּךְ יָקוּמוּ אִם־
יוֹשִׁיעוּךָ בְּעֵת רָעָתֶךָ כִּי מִסְפַּר עָרֶיךָ הָיוּ אֱלֹהֶיךָ יְהוּדָה׃ •
כט לָמָּה תָרִיבוּ אֵלָי כֻּלְּכֶם פְּשַׁעְתֶּם בִּי נְאֻם־יְהוָה׃ לַשָּׁוְא
ל הִכֵּיתִי אֶת־בְּנֵיכֶם מוּסָר לֹא לָקָחוּ אָכְלָה חַרְבְּכֶם
לא נְבִיאֵיכֶם כְּאַרְיֵה מַשְׁחִית׃ הַדּוֹר אַתֶּם רְאוּ דְבַר־יְהוָה
הֲמִדְבָּר הָיִיתִי לְיִשְׂרָאֵל אִם אֶרֶץ מַאְפֵּלְיָה מַדּוּעַ אָמְרוּ
לב עַמִּי רַדְנוּ לוֹא־נָבוֹא עוֹד אֵלֶיךָ׃ הֲתִשְׁכַּח בְּתוּלָה עֶדְיָהּ
לג כַּלָּה קִשֻּׁרֶיהָ וְעַמִּי שְׁכֵחוּנִי יָמִים אֵין מִסְפָּר׃ מַה־תֵּיטִבִי
דַּרְכֵּךְ לְבַקֵּשׁ אַהֲבָה לָכֵן גַּם אֶת־הָרָעוֹת לִמַּדְתִּי אֶת־
לד דְּרָכָיִךְ׃ גַּם בִּכְנָפַיִךְ נִמְצְאוּ דַּם נַפְשׁוֹת אֶבְיוֹנִים נְקִיִּים
לה לֹא־בַמַּחְתֶּרֶת מְצָאתִים כִּי עַל־כָּל־אֵלֶּה׃ וַתֹּאמְרִי כִּי
נִקֵּיתִי אַךְ שָׁב אַפּוֹ מִמֶּנִּי הִנְנִי נִשְׁפָּט אוֹתָךְ עַל־אָמְרֵךְ
לו לֹא חָטָאתִי׃ מַה־תֵּזְלִי מְאֹד לְשַׁנּוֹת אֶת־דַּרְכֵּךְ גַּם מִמִּצְרַיִם
לז תֵּבֹשִׁי כַּאֲשֶׁר בֹּשְׁתְּ מֵאַשּׁוּר׃ גַּם מֵאֵת זֶה תֵּצְאִי וְיָדַיִךְ
עַל־רֹאשֵׁךְ כִּי־מָאַס יְהוָה בְּמִבְטַחַיִךְ וְלֹא תַצְלִיחִי לָהֶם׃

ג

א לֵאמֹר הֵן יְשַׁלַּח אִישׁ אֶת־אִשְׁתּוֹ וְהָלְכָה מֵאִתּוֹ וְהָיְתָה
לְאִישׁ־אַחֵר הֲיָשׁוּב אֵלֶיהָ עוֹד הֲלוֹא חָנוֹף תֶּחֱנַף הָאָרֶץ
ב הַהִיא וְאַתְּ זָנִית רֵעִים רַבִּים וְשׁוֹב אֵלַי נְאֻם־יְהוָה׃ שְׂאִי
עֵינַיִךְ עַל־שְׁפָיִם וּרְאִי אֵיפֹה לֹא שֻׁגַּלְתְּ עַל־דְּרָכִים יָשַׁבְתְּ
לָהֶם כַּעֲרָבִי בַּמִּדְבָּר וַתַּחֲנִיפִי אֶרֶץ בִּזְנוּתַיִךְ וּבְרָעָתֵךְ׃
ג וַיִּמָּנְעוּ רְבִבִים וּמַלְקוֹשׁ לוֹא הָיָה וּמֵצַח אִשָּׁה זוֹנָה הָיָה
ד לָךְ מֵאַנְתְּ הִכָּלֵם׃ הֲלוֹא מֵעַתָּה קָרָאתִי לִי אָבִי אַלּוּף
ה נְעֻרַי אָתָּה׃ הֲיִנְטֹר לְעוֹלָם אִם־יִשְׁמֹר לָנֶצַח הִנֵּה דִבַּרְתְּ
ו וַתַּעֲשִׂי הָרָעוֹת וַתּוּכָל׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי בִּימֵי
יֹאשִׁיָּהוּ הַמֶּלֶךְ הֲרָאִיתָ אֲשֶׁר עָשְׂתָה מְשֻׁבָה יִשְׂרָאֵל

ב, כו׳ ילדתנו ק    כח׳ האשכנזים מדלגים עד ג,ד׳ והספרדים עד ד,א׳
לא׳ ב טעמים    לג׳ למדת ק    ג, ב׳ שכבת ק    ד׳ יחיד ר    ע״כ

און דו האָסט מזנה געווען מיט ליבהאָבער אַ סך,
און ווילסט זיך אומקערן צו מיר,
זאָגט גאָט.
2 הייב אויף דײַנע אויגן אויף די הויכע ערטער,
און זע, ווּ ביסטו ניט געשענדט געוואָרן?
אויף די וועגן האָסטו געלויערט אויף זיי,
ווי אַן אַראַבער אין דער מדבר;
און האָסט זינדיק געמאַכט דאָס לאַנד
מיט דײַן זנות און מיט דײַן שלעכטיקייט.
3 דרום זײַנען די פרירעגנס פאַרמיטן געוואָרן,
און שפּעטרעגן איז ניט געווען;
אָבער אַ שטערן פון אַ זונה איז געווען בײַ דיר,
האָסט זיך ניט געוואָלט שעמען.
4 האָסטו ניט אָקאָרשט גערופן צו מיר: פאָטער מײַן,
דער פאַרטרויטער פון מײַן יוגנט ביסטו?
5 וועט ער אויף אייביק אַ שנאה טראָגן?
וועט ער שטענדיק זי אָנהאַלטן?
אָט האָסטו גערעדט, און דאָך געטאָן דאָס בייז,
און געפּועלט בײַ זיך.

6 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט אין די טעג פון מלך יאשיָהו: האָסטו געזען וואָס די אָפּגעקערטע ישׂראל האָט געטאָן?

הָלְכָה הִיא עַל־כָּל־הַר גָּבֹהַּ וְאֶל־תַּחַת כָּל־עֵץ רַעֲנָן וַתִּזְנִי־
ז שָׁם׃ וָאֹמַר אַחֲרֵי עֲשׂוֹתָהּ אֶת־כָּל־אֵלֶּה אֵלַי תָּשׁוּב וְלֹא־
ח שָׁבָה וַתִּרְאֶה בָּגוֹדָה אֲחוֹתָהּ יְהוּדָה׃ וָאֵרֶא כִּי עַל־כָּל־
אֹדוֹת אֲשֶׁר נִאֲפָה מְשֻׁבָה יִשְׂרָאֵל שִׁלַּחְתִּיהָ וָאֶתֵּן אֶת־
סֵפֶר כְּרִיתֻתֶיהָ אֵלֶיהָ וְלֹא יָרְאָה בֹּגֵדָה יְהוּדָה אֲחוֹתָהּ
ט וַתֵּלֶךְ וַתִּזֶן גַּם־הִיא׃ וְהָיָה מִקֹּל זְנוּתָהּ וַתֶּחֱנַף אֶת־הָאָרֶץ
י וַתִּנְאַף אֶת־הָאֶבֶן וְאֶת־הָעֵץ׃ וְגַם־בְּכָל־זֹאת לֹא־שָׁבָה אֵלַי
בָּגוֹדָה אֲחוֹתָהּ יְהוּדָה בְּכָל־לִבָּהּ כִּי אִם־בְּשֶׁקֶר נְאֻם־
יא יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי צִדְּקָה נַפְשָׁהּ מְשֻׁבָה
יב יִשְׂרָאֵל מִבֹּגֵדָה יְהוּדָה׃ הָלֹךְ וְקָרָאתָ אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה
צָפֹונָה וְאָמַרְתָּ שׁוּבָה מְשֻׁבָה יִשְׂרָאֵל נְאֻם־יְהוָה לוֹא־אַפִּיל
יג פָּנַי בָּכֶם כִּי־חָסִיד אֲנִי נְאֻם־יְהוָה לֹא אֶטּוֹר לְעוֹלָם׃ אַךְ
דְּעִי עֲוֹנֵךְ כִּי בַּיהוָה אֱלֹהַיִךְ פָּשָׁעַתְּ וַתְּפַזְּרִי אֶת־דְּרָכַיִךְ
לַזָּרִים תַּחַת כָּל־עֵץ רַעֲנָן וּבְקוֹלִי לֹא־שְׁמַעְתֶּם נְאֻם־יְהוָה׃
יד שׁוּבוּ בָנִים שׁוֹבָבִים נְאֻם־יְהוָה כִּי אָנֹכִי בָּעַלְתִּי בָכֶם
וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם אֶחָד מֵעִיר וּשְׁנַיִם מִמִּשְׁפָּחָה וְהֵבֵאתִי
טו אֶתְכֶם צִיּוֹן׃ וְנָתַתִּי לָכֶם רֹעִים כְּלִבִּי וְרָעוּ אֶתְכֶם דֵּעָה
טז וְהַשְׂכֵּיל׃ וְהָיָה כִּי תִרְבּוּ וּפְרִיתֶם בָּאָרֶץ בַּיָּמִים הָהֵמָּה
נְאֻם־יְהוָה לֹא־יֹאמְרוּ עוֹד אֲרוֹן בְּרִית יְהוָה וְלֹא יַעֲלֶה עַל־
יז לֵב וְלֹא יִזְכְּרוּ־בוֹ וְלֹא יִפְקֹדוּ וְלֹא יֵעָשֶׂה עוֹד׃ בָּעֵת הַהִיא
יִקְרְאוּ לִירוּשָׁלַםִ כִּסֵּא יְהוָה וְנִקְווּ אֵלֶיהָ כָל־הַגּוֹיִם לְשֵׁם
יְהוָה לִירוּשָׁלָםִ וְלֹא־יֵלְכוּ עוֹד אַחֲרֵי שְׁרִרוּת לִבָּם הָרָע׃
יח בַּיָּמִים הָהֵמָּה יֵלְכוּ בֵית־יְהוּדָה עַל־בֵּית יִשְׂרָאֵל וְיָבֹאוּ
יַחְדָּו מֵאֶרֶץ צָפוֹן עַל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר הִנְחַלְתִּי אֶת־
יט אֲבוֹתֵיכֶם׃ וְאָנֹכִי אָמַרְתִּי אֵיךְ אֲשִׁיתֵךְ בַּבָּנִים וְאֶתֶּן־לָךְ
אֶרֶץ חֶמְדָּה נַחֲלַת צְבִי צִבְאוֹת גּוֹיִם וָאֹמַר אָבִי תִּקְרְאוּ־
כ לִי וּמֵאַחֲרַי לֹא תָשׁוּבוּ׃ אָכֵן בָּגְדָה אִשָּׁה מֵרֵעָהּ כֵּן בְּגַדְתֶּם

ז׳ ותרא ק׳ יט׳ תקראי ק׳ תשובי קרי

זי איז געגאַנגען אויף׳יעטוועדער הויכן בערגל, און אונטער יעדער צווייגהאַפטיקן בוים, און האָט דאָרטן מזנה געווען. [7] און איך האָב געוועסט געזאָגט: נאָכדעם אַז זי האָט געטאָן דאָס אַלץ, וועט זי זיך אומקערן צו מיר; אָבער זי האָט זיך ניט אומגעקערט. און די פעלשערין איר שוועסטער יהודה האָט דאָס געזען. [8] אָבער איך האָב געזען, אַז הגם דערפאַר וואָס די אָפּגעקערטע ישׂראל האָט אומטריי־שאַפט באַגאַנגען, האָב איך זי אַוועקגעשיקט, און איר געגעבן איר שיידבריוו, האָט פון דעסטוועגן ניט מורא געהאַט די פעלשערין יהודה איר שוועסטער, און זי אויך איז געגאַנגען און האָט מזנה געווען. [9] און עס איז געווען, פון וועגן דער לייכטיקייט פון איר זנות האָט זי זינדיק געמאַכט דאָס לאַנד, און זי האָט אומטריישאַפט באַגאַנגען מיט שטיין און מיט האָלץ. [10] אָבער אַפילו נאָך אַלעם דעם האָט די פעלשערין איר שוועסטער יהודה זיך ניט אומגעקערט צו מיר מיט איר גאַנצן האַרצן, נאָר בלויז מיט ליגן, זאָגט גאָט. [11] און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: די אָפּגעקערטע ישׂראל האָט זיך אַרויסגעוויזן מער רעכט־פאַרטיק פון דער פעלשערין יהודה. [12] גיי און זאָלסט רופן דידאָזיקע ווערטער קעגן צפון, און זאָגן:

קער זיך אום, דו אָפּגעקערטע ישׂראל, זאָגט גאָט:
איך וועל ניט וואַרפן אַ בייז פּנים אויף אַייך,
וואָרום איך בין גענאָדיק, זאָגט גאָט,
איך האַלט ניט אַ שׂנאה אויף אייביק.
[13] נאָר זיי וויסן דיין זינד,
אַז אָן יהוה דיין גאָט האָסטו געבראָכן,
און האָסט צעשפּרייט דיינע וועגן צו פרעמדע,
אונטער יעטוועדער צווייגהאַפטיקן בוים;
און צו מיין קָול האָט איר ניט צוגעהערט,
זאָגט גאָט.

[14] קערט אַייך אום, קינדער אָפּקערער,
זאָגט גאָט,
וואָרום איך בין אַייער האַר,
און איך וועל אַייך נעמען איינעם פון אַ שטאָט,
און צוויי פון אַ משפחה,
און וועל אַייך ברענגען קיין צִיון.
[15] און איך וועל אַייך געבן פּאַסטוכער נאָך מיין האַרצן,
און זיי וועלן אַייך פיטערן מיט קענשאַפט
און מיט פאַרשטאַנדיקייט.
[16] און עס וועט זיין,
אַז איר וועט זיך מערן און פרוכפּערן אין לאַנד,
אין יענע טעג, זאָגט גאָט,
וועט מען מער ניט זאָגן:
דער אָרון פון גאָטס בונד;
און ער וועט אויפן זינען ניט אַרויף,
און מע וועט אים ניט דערמאָנען און ניט דאַכטן;
און ער וועט מער ניט געמאַכט ווערן.
[17] אין יענער צייט וועט מען רופן ירושָלַיִם דער טראָן פון גאָט,
און אַיינזאַמלען וועלן זיך צו איר אַלע פעלקער,
פון וועגן גאָטס נאָמען, קיין ירושָלַיִם,
און זיי וועלן מער ניט גיין
נאָך דער אַיינגעשפּאַרטקייט פון זייער בייזן האַרצן.
[18] אין יענע טעג וועט גיין דאָס הויז פון יהודה
מיט דעם הויז פון ישׂראל,
און זיי וועלן קומען אין איינעם פון צפון־לאַנד
אין דעם לאַנד וואָס איך האָב געמאַכט אַרבן אַייערע
עלטערן.

[19] און איך האָב געוועסט געזאָגט:
ווי וועל איך דיך אויסריכטן צווישן די קינדער,
און דיר געבן אַ גלוסטיק לאַנד,
די שיינשענסטע נחלה פון די פעלקער!
און איך האָב געזאָגט: „פאָטער מיין" וועסטו מיך רופן,
און פון הינטער מיר וועסטו זיך ניט אָפּקערן.
[20] אָבער אַזוי ווי אַ ווייב וואָס פעלשט אָן איר מאַן,

כא כִּי בֵּית יִשְׂרָאֵל נְאֻם־יְהוָה׃ קוֹל עַל־שְׁפָיִים נִשְׁמָע בְּכִי
תַחֲנוּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כִּי הֶעֱווּ אֶת־דַּרְכָּם שָׁכְחוּ אֶת־יְהוָה
כב אֱלֹהֵיהֶם׃ שׁוּבוּ בָּנִים שׁוֹבָבִים אֶרְפָּה מְשׁוּבֹתֵיכֶם הִנְנוּ
כג אָתָנוּ לָךְ כִּי אַתָּה יְהוָה אֱלֹהֵינוּ׃ אָכֵן לַשֶּׁקֶר מִגְּבָעוֹת
הָמוֹן הָרִים אָכֵן בַּיהוָה אֱלֹהֵינוּ תְּשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל׃
כד וְהַבֹּשֶׁת אָכְלָה אֶת־יְגִיעַ אֲבוֹתֵינוּ מִנְּעוּרֵינוּ אֶת־צֹאנָם
כה וְאֶת־בְּקָרָם אֶת־בְּנֵיהֶם וְאֶת־בְּנוֹתֵיהֶם׃ נִשְׁכְּבָה בְּבָשְׁתֵּנוּ
וּתְכַסֵּנוּ כְּלִמָּתֵנוּ כִּי לַיהוָה אֱלֹהֵינוּ חָטָאנוּ אֲנַחְנוּ
וַאֲבוֹתֵינוּ מִנְּעוּרֵינוּ וְעַד־הַיּוֹם הַזֶּה וְלֹא שָׁמַעְנוּ בְּקוֹל
יְהוָה אֱלֹהֵינוּ׃

ד

א אִם־תָּשׁוּב יִשְׂרָאֵל ׀ נְאֻם־יְהוָה אֵלַי תָּשׁוּב וְאִם־תָּסִיר
ב שִׁקּוּצֶיךָ מִפָּנַי וְלֹא תָנוּד׃ וְנִשְׁבַּעְתָּ חַי־יְהוָה בֶּאֱמֶת
בְּמִשְׁפָּט וּבִצְדָקָה וְהִתְבָּרְכוּ בוֹ גּוֹיִם וּבוֹ יִתְהַלָּלוּ׃ ס
ג כִּי־כֹה ׀ אָמַר יְהוָה לְאִישׁ יְהוּדָה וְלִירוּשָׁלִַם נִירוּ לָכֶם
ד נִיר וְאַל־תִּזְרְעוּ אֶל־קֹצִים׃ הִמֹּלוּ לַיהוָה וְהָסִרוּ עָרְלוֹת
לְבַבְכֶם אִישׁ יְהוּדָה וְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִָם פֶּן־תֵּצֵא כָאֵשׁ
ה חֲמָתִי וּבָעֲרָה וְאֵין מְכַבֶּה מִפְּנֵי רֹעַ מַעַלְלֵיכֶם׃ הַגִּידוּ
בִיהוּדָה וּבִירוּשָׁלִַם הַשְׁמִיעוּ וְאִמְרוּ וְתִקְעוּ שׁוֹפָר בָּאָרֶץ
קִרְאוּ מַלְאוּ וְאִמְרוּ הֵאָסְפוּ וְנָבוֹאָה אֶל־עָרֵי הַמִּבְצָר׃
ו שְׂאוּ־נֵס צִיּוֹנָה הָעִיזוּ אַל־תַּעֲמֹדוּ כִּי רָעָה אָנֹכִי מֵבִיא
ז מִצָּפוֹן וְשֶׁבֶר גָּדוֹל׃ עָלָה אַרְיֵה מִסֻּבְּכוֹ וּמַשְׁחִית גּוֹיִם
נָסַע יָצָא מִמְּקֹמוֹ לָשׂוּם אַרְצֵךְ לְשַׁמָּה עָרַיִךְ תִּצֶּינָה
ח מֵאֵין יוֹשֵׁב׃ עַל־זֹאת חִגְרוּ שַׂקִּים סִפְדוּ וְהֵילִילוּ כִּי לֹא־
ט שָׁב חֲרוֹן אַף־יְהוָה מִמֶּנּוּ׃ וְהָיָה בַיּוֹם־הַהוּא נְאֻם־יְהוָה
יֹאבַד לֵב־הַמֶּלֶךְ וְלֵב הַשָּׂרִים וְנָשַׁמּוּ הַכֹּהֲנִים וְהַנְּבִאִים
י יִתְמָהוּ׃ וָאֹמַר אֲהָהּ ׀ אֲדֹנָי יְהוִה אָכֵן הַשֵּׁא הִשֵּׁאתָ לָעָם

ג, כא׳ קמץ בז״ק כב׳ כצ״ל ד, ב׳ ס״ל ה׳ חקש ק׳ הס׳ בפתח

[אַזוי האָט איר געפעלשט אָן מיר, הויז פון ישׂראל,
זאָגט גאָט.

21 אַ קָול ווערט אויף די הויכע ערטער געהערט,
אַ תּחנונים־געוויין פון די קינדער פון ישׂראל,
וואָרום זיי האָבן פאַרקרימט זייער וועג,
פאַרגעסן אָן יהוה זייער גאָט.
22 קערט אַייך אום, קינדער אָפּקערער,
איך וועל היילן אַייערע אָפּקערונגען.
דאָ זיינען מיר, געקומען צו דיר,
וואָרום דו ביסט יהוה אונדזער גאָט.
23 פאַרוואָר, פאַלש איז וואָס פון די הייכן,
דער טומל פון די בערג;
פאַרוואָר, אין יהוה אונדזער גאָט
איז די הילף פון ישׂראל.
24 און די שאַנדגעטעריי האָט אויפגעגעסן
די מי פון אונדזערע עלטערן, פון אונדזער יוגנט אָן,
זייערע שאָף און זייערע רינדער,
זייערע זין און זייערע טעכטער.
25 לאָמיר ליגן אין אונדזער שאַנד,
און זאָל אונדז באַדעקן אונדזער שמאַך,
[וואָרום צו יהוה אונדזער גאָט האָבן מיר געזינדיקט,
מיר און אונדזערע עלטערן,]
פון אונדזער יוגנט און ביז היינטיקן טאָג,
און מיר האָבן ניט צוגעהערט צו דעם קָול
פון יהוה אונדזער גאָט.

ד 1 אַז דו וועסט זיך אומקערן, ישׂראל, זאָגט גאָט,
צו מיר זיך אומקערן,
און אַז דו וועסט אָפּטאָן דיינע אומווערדיקייטן פון מיין
פּנים,
און וועסט זיך ניט וואַקלען,
2 און וועסט שווערן: „אַזוי ווי גאָט לעבט".
מיט אמת, מיט רעכט, און מיט גערעכטיקייט,
וועלן זיך בענטשן מיט אים פעלקער,
און מיט אים וועלן זיי זיך רימען.

3 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט
צו די מענער פון יהודה און צו ירושָלַיִם:
אַקערט אַייך אַן אַקער,
און איר זאָלט ניט זייען אויף דערנער.
4 באַשניידט אַייך צו גאָט,
און טוט אָפּ די פאָרהויטן פון אַייער האַרץ,
איר מענער פון יהודה און באַוווינער פון ירושָלַיִם,
כּדי מיין גרימצאָרן זאָל ניט אַרויסגיין ווי אַ פייער,
און ברענען אַז קיין לעשער זאָל ניט זיין,
פון וועגן אַייערע שלעכטע מעשׂים.

5 דערציילט אין יהודה, און מאַכט הערן אין ירושָלַיִם,
און זאָגט: בלאָזט אַ שופר אין לאַנד;
רופט מיט אַ פולער קעל, און זאָגט:
זאַמלט אַייך איין, און לאָמיר אַריין אין די פעסטונגשטעט.
6 הייבט אויף אַ פאָן קיין ציון,
אַנטרינט, איר זאָלט אַייך ניט אָפּשטעלן,
וואָרום איך ברענג אַן אומגליק פון צפון,
און אַ בראָך אַ גרויסן.
7 אַ לייב איז אויפגעגאַנגען פון זיין געצווייג,
און אַן אומברענגער פון פעלקער
האָט געצויגן, איז אַרויס פון זיין אָרט,
צו מאַכן דיין לאַנד צו וויסט,
דיינע שטעט זאָלן חָרב זיין, אָן אַ באַוווינער.
8 איבער דעם גורט אָן זאַקקליידער,
טוט קלאָגן און יאָמערן;
וואָרום ניט אָפּגעקערט האָט זיך
גאָטס גרימצאָרן פון אונדז.
9 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
זאָגט גאָט,
וועט פאַרגיין דאָס האַרץ פון דעם מלך,
און דאָס האַרץ פון די האַרן;
און די כּהנים וועלן באַנומען ווערן,
און די נביאים וועלן גאַפן.

10 האָב איך געזאָגט: וויי, גאָט דו האַר, פאַרוואָר, נאַרן גענאַרט האָסטו דאָסדאָזיקע פאָלק און ירושָלַיִם,

הַזֶּה וְלִירוּשָׁלִַם לֵאמֹר שָׁלוֹם יִהְיֶה לָכֶם וְנָגְעָה חֶרֶב עַד־
הַנָּפֶשׁ׃ בָּעֵת הַהִיא יֵאָמֵר לָעָם־הַזֶּה וְלִירוּשָׁלִַם רוּחַ צַח יא
שְׁפָיִם בַּמִּדְבָּר דֶּרֶךְ בַּת־עַמִּי לוֹא לִזְרוֹת וְלוֹא לְהָבַר׃
רוּחַ מָלֵא מֵאֵלֶּה יָבוֹא לִי עַתָּה גַּם־אֲנִי אֲדַבֵּר מִשְׁפָּטִים יב
אוֹתָם׃ הִנֵּה ׀ כַּעֲנָנִים יַעֲלֶה וְכַסּוּפָה מַרְכְּבוֹתָיו קַלּוּ יג
מִנְּשָׁרִים סוּסָיו אוֹי לָנוּ כִּי שֻׁדָּדְנוּ׃ כַּבְּסִי מֵרָעָה לִבֵּךְ יד
יְרוּשָׁלִַם לְמַעַן תִּוָּשֵׁעִי עַד־מָתַי תָּלִין בְּקִרְבֵּךְ מַחְשְׁבוֹת
אוֹנֵךְ׃ כִּי קוֹל מַגִּיד מִדָּן וּמַשְׁמִיעַ אָוֶן מֵהַר אֶפְרָיִם׃ טו
הַזְכִּירוּ לַגּוֹיִם הִנֵּה הַשְׁמִיעוּ עַל־יְרוּשָׁלִַם נֹצְרִים בָּאִים טז
מֵאֶרֶץ הַמֶּרְחָק וַיִּתְּנוּ עַל־עָרֵי יְהוּדָה קוֹלָם׃ כְּשֹׁמְרֵי שָׂדַי יז
הָיוּ עָלֶיהָ מִסָּבִיב כִּי־אֹתִי מָרָתָה נְאֻם יְהוָה׃ דַּרְכֵּךְ יח
וּמַעֲלָלַיִךְ עָשׂוֹ אֵלֶּה לָךְ זֹאת רָעָתֵךְ כִּי מָר כִּי נָגַע עַד־
לִבֵּךְ׃ מֵעַי ׀ מֵעַי ׀ אָחוּלָה קִירוֹת לִבִּי הֹמֶה־לִּי יט
לִבִּי לֹא אַחֲרִשׁ כִּי קוֹל שׁוֹפָר שָׁמַעַתְּ נַפְשִׁי תְּרוּעַת
מִלְחָמָה׃ שֶׁבֶר עַל־שֶׁבֶר נִקְרָא כִּי שֻׁדְּדָה כָּל־הָאָרֶץ כ
פִּתְאֹם שֻׁדְּדוּ אֹהָלַי רֶגַע יְרִיעֹתָי׃ עַד־מָתַי אֶרְאֶה־נֵּס כא
אֶשְׁמְעָה קוֹל שׁוֹפָר׃ כִּי ׀ אֱוִיל עַמִּי אוֹתִי לֹא יָדָעוּ כב
בָּנִים סְכָלִים הֵמָּה וְלֹא נְבוֹנִים הֵמָּה חֲכָמִים הֵמָּה לְהָרַע
וּלְהֵיטִיב לֹא יָדָעוּ׃ רָאִיתִי אֶת־הָאָרֶץ וְהִנֵּה־תֹהוּ וָבֹהוּ כג
וְאֶל־הַשָּׁמַיִם וְאֵין אוֹרָם׃ רָאִיתִי הֶהָרִים וְהִנֵּה רֹעֲשִׁים כד
וְכָל־הַגְּבָעוֹת הִתְקַלְקָלוּ׃ רָאִיתִי וְהִנֵּה אֵין הָאָדָם וְכָל־ כה
עוֹף הַשָּׁמַיִם נָדָדוּ׃ רָאִיתִי וְהִנֵּה הַכַּרְמֶל הַמִּדְבָּר וְכָל־ כו
עָרָיו נִתְּצוּ מִפְּנֵי יְהוָה מִפְּנֵי חֲרוֹן אַפּוֹ׃ כִּי־כֹה אָמַר כז
יְהוָה שְׁמָמָה תִהְיֶה כָּל־הָאָרֶץ וְכָלָה לֹא אֶעֱשֶׂה׃
עַל־זֹאת תֶּאֱבַל הָאָרֶץ וְקָדְרוּ הַשָּׁמַיִם מִמָּעַל עַל כִּי־ כח
דִבַּרְתִּי זַמֹּתִי וְלֹא נִחַמְתִּי וְלֹא־אָשׁוּב מִמֶּנָּה׃ מִקּוֹל כט
פָּרָשׁ וְרֹמֵה קֶשֶׁת בֹּרַחַת כָּל־הָעִיר בָּאוּ בֶּעָבִים וּבַכֵּפִים

יח׳ ו׳ במקום ה׳   קמץ בז״ק   יט׳ אחולה קרי   שמעת קרי   כב׳ קמץ בז״ק

אַזוי צו זאָגן: „שלום וועט זיין צו אַייך״, און די שווערד דערגרייכט ביזן נפש.

11 אין יענער צייט וועט באַפוילן ווערן
אויף דעמדאָזיקן פאָלק און אויף ירושָלַיִם
אַ הייסער ווינט פון די הויכע ערטער אין מדבר,
אויפן וועג צו דער טאָכטער מיין פאָלק;
ניט צו ווינטשופלען, און ניט צו רייניקן;
12 אַ ווינט שטאַרקער פון דעם וועט קומען פון מיר;
אַצונד וועל איך אויך אַרויסזאָגן אַ משפט אויף זיי.
13 זע, ווי וואָלקנס גייט ער אויף,
און ווי דער שטורעמווינט זיינען זיינע רייטוועגן;
פלינקער פון אָדלערס זיינען זיינע פערד:
וויי אונדז, וואָרום מיר זיינען פאַרוויסט.
14 וואַש אָפּ פון בייז דיין האַרץ, ירושָלַיִם,
כּדי זאָלסט געהאָלפן ווערן.
ביז וואַנען וועלן רוען אין דיר
דיינע מחשבות פון אומרעכט?
15 וואָרום אַ קָול זאָגט אָן פון דָן,
און מאַכט הערן אומגליק פון געבערג פון אפרים:
16 דערציילט די פעלקער: אָט איז עס!
מאַכט הערן וועגן ירושָלַיִם:
באַלעגערער קומען פון אַ ווייטן לאַנד,
און לאָזן אַרויס אויף די שטעט פון יהודה זייער קָול.
17 ווי פעלדהיטער זיינען זיי אויף איר פון רונד אַרום,
ווייל זי האָט מיר ווידערשפעניקט, זאָגט גאָט.
18 דיין פירונג און דיינע מעשׂים
האָבן דיר דאָס אָנגעמאַכט—
דידאָזיקע שלעכטיקייט דיינע—
וואָס עס איז ביטער,
וואָס עס רירט אָן ביז דיין האַרצן.

19 מיינע אינגעווייד, מיינע אינגעווייד!
איך דריי מיך פון ווייטאָק!
אָ די ווענט פון מיין האַרצן!
מיין האַרץ טוט ברומען אין מיר,
איך קען ניט שווייגן!
וואָרום אַ קָול פון שופר האָסטו געהערט, מיין זעל,
אַ שאַל פון מלחמה.
20 אַ בראָך אויף אַ בראָך געשעט,
וואָרום פאַרוויסט געוואָרן איז דאָס גאַנצע לאַנד,
פּלוצים זיינען פאַרוויסט געוואָרן מיינע געצעלטן,
אין אַ רגע—מיינע פאָרהאַנגען.
21 ביז וואַנען וועל איך זען די פאַן,
וועל איך הערן דעם קָול פון דעם שופר?

22 וואָרום נאַריש איז מיין פאָלק,
מיך קענען זיי ניט;
קינדער נאַרן זיינען זיי,
און ניט פאַרשטאַנדיק זיינען זיי;
זיי זיינען חכמים אויף טאָן שלעכטס,
און פון גוטס טאָן ווייסן זיי ניט.

23 איך האָב געזען די ערד,
ערשט זי איז וויסט און ליידיק
און די הימלען—
און זייער ליכט איז ניטאָ.
24 איך האָב געזען די בערג, ערשט זיי ציטערן,
און אַלע הייכן האָבן זיך געטרייסלט.
25 איך האָב געזען, ערשט קיין מענטש איז ניטאָ,
און אַלע פויגלען פון הימל זיינען אַוועק.
26 איך האָב געזען, ערשט דער כּרמל איז אַ מדבר,
און אַלע זיינע שטעט זיינען צעשטערט,
פאַר דעם אָנגעזיכט פון גאָט,
פאַר דעם גרים פון זיין צאָרן.

27 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אַ וויסטעניש וועט ווערן דאָס גאַנצע לאַנד,
הגם קיין פאַרלענדונג וועל איך ניט מאַכן.
28 אויף דעם וועט טרויערן די ערד,
און פינצטער ווערן וועלן די הימלען פון אויבן,
ווייל איך האָב גערעדט, איך האָב געטראַכט,
און איך האָב ניט חרטה, און וועל זיך ניט אָפּקערן דערפון.
29 פאַר דעם קָול פון רייטער און בויגנשיסער,
אַנטלויפט די גאַנצע שטאָט;
זיי זיינען אַריין אין געדיכטע וועלדער,
און אויף פעלזן זיינען זיי אַרויפגעגאַנגען;

ל עָלוּ כָּל־הָעִיר עֲזוּבָה וְאֵין־יוֹשֵׁב בָּהֵן אִישׁ׃ וְאַתְּ שָׁדוּד
מַה־תַּעֲשִׂי כִּי־תִלְבְּשִׁי שָׁנִי כִּי־תַעְדִּי עֲדִי־זָהָב כִּי־תִקְרְעִי
בַפּוּךְ עֵינַיִךְ לַשָּׁוְא תִּתְיַפִּי מָאֲסוּ־בָךְ עֹגְבִים נַפְשֵׁךְ יְבַקֵּשׁוּ׃
לא כִּי קוֹל כְּחוֹלָה שָׁמַעְתִּי צָרָה כְּמַבְכִּירָה קוֹל בַּת־צִיּוֹן
תִּתְיַפֵּחַ תְּפָרֵשׂ כַּפֶּיהָ אוֹי־נָא לִי כִּי־עָיְפָה נַפְשִׁי לְהֹרְגִים׃

ה

א שׁוֹטְטוּ בְּחוּצוֹת יְרוּשָׁלַםִ וּרְאוּ־נָא וּדְעוּ וּבַקְשׁוּ בִרְחוֹבוֹתֶיהָ
אִם־תִּמְצְאוּ אִישׁ אִם־יֵשׁ עֹשֶׂה מִשְׁפָּט מְבַקֵּשׁ אֱמוּנָה
ב וְאֶסְלַח לָהּ׃ וְאִם חַי־יְהוָה יֹאמֵרוּ לָכֵן לַשֶּׁקֶר יִשָּׁבֵעוּ׃
ג יְהוָה עֵינֶיךָ הֲלוֹא לֶאֱמוּנָה הִכִּיתָה אֹתָם וְלֹא־חָלוּ כִּלִּיתָם
ד מֵאֲנוּ קַחַת מוּסָר חִזְּקוּ פְנֵיהֶם מִסֶּלַע מֵאֲנוּ לָשׁוּב׃ וַאֲנִי
אָמַרְתִּי אַךְ דַּלִּים הֵם נוֹאֲלוּ כִּי לֹא יָדְעוּ דֶּרֶךְ יְהוָה
ה מִשְׁפַּט אֱלֹהֵיהֶם׃ אֵלֲכָה־לִּי אֶל־הַגְּדֹלִים וַאֲדַבְּרָה אוֹתָם
כִּי הֵמָּה יָדְעוּ דֶּרֶךְ יְהוָה מִשְׁפַּט אֱלֹהֵיהֶם אַךְ הֵמָּה יַחְדָּו
ו שָׁבְרוּ עֹל נִתְּקוּ מוֹסֵרוֹת׃ עַל־כֵּן הִכָּם אַרְיֵה מִיַּעַר זְאֵב
עֲרָבוֹת יְשָׁדְדֵם נָמֵר שֹׁקֵד עַל־עָרֵיהֶם כָּל־הַיּוֹצֵא מֵהֵנָּה
ז יִטָּרֵף כִּי רַבּוּ פִּשְׁעֵיהֶם עָצְמוּ מְשֻׁבוֹתֵיהֶם׃ אֵי לָזֹאת
אֶסְלוֹחַ־לָךְ בָּנַיִךְ עֲזָבוּנִי וַיִּשָּׁבְעוּ בְּלֹא אֱלֹהִים וָאַשְׂבִּעַ
ח אוֹתָם וַיִּנְאָפוּ וּבֵית זוֹנָה יִתְגּוֹדָדוּ׃ סוּסִים מְיֻזָּנִים מַשְׁכִּים
ט הָיוּ אִישׁ אֶל־אֵשֶׁת רֵעֵהוּ יִצְהָלוּ׃ הַעַל־אֵלֶּה לוֹא־אֶפְקֹד
נְאֻם־יְהוָה וְאִם בְּגוֹי אֲשֶׁר־כָּזֶה לֹא תִתְנַקֵּם נַפְשִׁי׃
י עֲלוּ בְשָׁרוֹתֶיהָ וְשַׁחֵתוּ וְכָלָה אַל־תַּעֲשׂוּ הָסִירוּ נְטִישׁוֹתֶיהָ
יא כִּי לוֹא לַיהוָה הֵמָּה׃ כִּי בָּגוֹד בָּגְדוּ בִּי בֵּית יִשְׂרָאֵל
יב וּבֵית יְהוּדָה נְאֻם־יְהוָה׃ כִּחֲשׁוּ בַּיהוָה וַיֹּאמְרוּ לוֹא־הוּא
יג וְלֹא־תָבוֹא עָלֵינוּ רָעָה וְחֶרֶב וְרָעָב לוֹא נִרְאֶה׃ וְהַנְּבִיאִים
יד יִהְיוּ לְרוּחַ וְהַדִּבֵּר אֵין בָּהֶם כֹּה יֵעָשֶׂה לָהֶם׃ לָכֵן
כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי צְבָאוֹת יַעַן דַּבֶּרְכֶם אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה

ד, ל׳ ואת קרי   ה, ב׳ סבירין אכן   ז׳ אסלח קרי   קמץ בז״ק   ח׳ מיוזנים קר׳

יעטוועדער שטאָט איז פאַרלאָזן,
און אין זיי וווינט ניט קיין מענטש.
30 און דו באַרויבטע, וואָס טוסטו,
וואָס דו קליידסט דיך אין רויט,
וואָס דו צירסט דיך מיט צירונג פון גאָלד,
וואָס דו רייסט אויף דיינע אויגן מיט פאַרב?
אומזיסט מאַכסטו זיך שיין,
דיינע ליבהאָבער פאַראַכטן דיך,
זיי זוכן דיין לעבן.
31 וואָרום אַ קול ווי פון אַ ווייערין האָב איך געהערט,
אַנגסט ווי פון אַן ערשטגעווינערין.
דעם קול פון טאָכטער ציון וואָס פאַרקייכט זיך,
וואָס שפּרייט אירע הענט פאַנאַנדער:
ווי מיר, וואָרום מיין זעל
איז אוממאַכטיק פאַר די טייטער.

ה 1 וואַנדערט אום אין די גאַסן פון ירושלים,
און זעט אַקאָרשט און ווערט געוואָר,
און זוכט אין אירע מערק,
אויב איר וועט געפינען אַ מענטשן,
אויב עס איז דאָ ווער עס טוט גערעכטיקייט,
ווער עס זוכט אמת,
און איך וועל איר פאַרגעבן.
2 אַפילו ווען זיי זאָגן: אַזוי ווי גאָט לעבט!
שווערן זיי פון דעסטוועגן פאַלש.
3 גאָט, דיינע אויגן זיינען דאָך אויף אמת;
האָסט זיי געשלאָגן, און זיי האָבן זיך ניט געקימערט,
האָסט זיי פאַרלענדט, און זיי האָבן קיין מוסר ניט גענומען;
זיי האָבן געמאַכט זייער פּנים האַרטער פון פעלז,
זיי האָבן זיך ניט געוואָלט אומקערן.
4 און איך האָב געוועסט געזאָגט:
דאָס זיינען נאָר די אָרימע,
זיי זיינען נאַריש, ווייל זיי ווייסן ניט דעם וועג פון יהוה,
דאָס געזעץ פון זייער גאָט.
5 איך וועל מיר גיין צו די גרויסע,
און וועל רעדן מיט זיי;
וואָרום זיי ווייסן דעם וועג פון יהוה,
דאָס געזעץ פון זייער גאָט.
אָבער זיי האָבן דעסגלייכן צעבראָכן דעם יאָך,
צעריסן די בינדשטריק.
6 דרום דערשלאָגט זיי אַ לייב פון וואַלד,
אַ וואָלף פון מדבריות וועט זיי פאַרוויסטן,
אַ לעמפּערט טוט לויערן אויף זייערע שטעט,
איטלעכער וואָס גייט אַרויס פון זיי, וועט פאַרצוקט ווערן;
וואָרום פיל זיינען זייערע פאַרברעכן,
שטאַרק זיינען זייערע אָפּקערונגען.

7 ווי זאָל איך פאַר דעם דיר פאַרגעבן?
דיינע קינדער האָבן מיך פאַרלאָזן,
און געשוואָרן ביי אומגעטער;
אַז איך האָב זיי אָנגעזעט, האָבן זיי מזנה געווען,
און אין הייזער פון זונות קלייבן זיי זיך אויף.
8 פּערד אָפּגעפיטערטע, אָגערס זיינען זיי,
איטלעכער צו זיין חברס ווייב הירזשען זיי;
9 זאָל איך דערפאַר זיך ניט אָפּרעכענען?
זאָגט גאָט;
און זאָל אָן אַ פאָלק ווי דאָסדאָזיקע
זיך ניט נוקם זיין מיין זעל?

10 גייט אַרויף אין אירע רייען, און צעשטערט,
נאָר אַ פאַרלענדונג זאָלט איר ניט מאַכן;
טוט אָפּ אירע צווייגן,
וואָרום ניט גאָטס זיינען זיי.
11 וואָרום פעלשן געפעלשט האָבן אָן מיר
דאָס הויז פון ישׂראל און דאָס הויז פון יהודה,
זאָגט גאָט.
12 זיי האָבן געלייקנט אָן גאָט,
און געזאָגט: דאָס איז ניט ער,
און בייז וועט ניט קומען אויף אונדז,
און שווערד און הונגער וועלן מיר ניט אָנזען.
13 און פון די נביאים וועט זיך אויסלאָזן אַ ווינט,
וואָרום דאָס וואָרט איז אין זיי ניטאָ;
אַזוי זאָל זיי אַליין געשען!
14 דרום האָט יהוה דער גאָט פון צבאות אַזוי געזאָגט:
ווייל איר רעדט דאָסדאָזיקע גערייד,

הִנְנִי נֹתֵן דְּבָרַי בְּפִיךָ לְאֵשׁ וְהָעָם הַזֶּה עֵצִים וַאֲכָלָתַם׃
טו הִנְנִי מֵבִיא עֲלֵיכֶם גּוֹי מִמֶּרְחָק בֵּית יִשְׂרָאֵל נְאֻם־יְהוָה
גּוֹי ׀ אֵיתָן הוּא גּוֹי מֵעוֹלָם הוּא גּוֹי לֹא־תֵדַע לְשֹׁנוֹ וְלֹא
טז תִשְׁמַע מַה־יְדַבֵּר׃ אַשְׁפָּתוֹ כְּקֶבֶר פָּתוּחַ כֻּלָּם גִּבּוֹרִים׃
יז וְאָכַל קְצִירְךָ וְלַחְמֶךָ יֹאכְלוּ בָּנֶיךָ וּבְנוֹתֶיךָ יֹאכַל צֹאנְךָ
וּבְקָרֶךָ יֹאכַל גַּפְנְךָ וּתְאֵנָתֶךָ יְרֹשֵׁשׁ עָרֵי מִבְצָרֶיךָ אֲשֶׁר
יח אַתָּה בּוֹטֵחַ בָּהֵנָּה בֶּחָרֶב׃ וְגַם בַּיָּמִים הָהֵמָּה נְאֻם־יְהוָה
יט לֹא־אֶעֱשֶׂה אִתְּכֶם כָּלָה׃ וְהָיָה כִּי תֹאמְרוּ תַּחַת מֶה עָשָׂה
יְהוָה אֱלֹהֵינוּ לָנוּ אֶת־כָּל־אֵלֶּה וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כַּאֲשֶׁר
עֲזַבְתֶּם אוֹתִי וַתַּעַבְדוּ אֱלֹהֵי נֵכָר בְּאַרְצְכֶם כֵּן תַּעַבְדוּ
כ זָרִים בְּאֶרֶץ לֹא לָכֶם׃ הַגִּידוּ זֹאת בְּבֵית יַעֲקֹב
כא וְהַשְׁמִיעוּהָ בִיהוּדָה לֵאמֹר׃ שִׁמְעוּ־נָא זֹאת עַם סָכָל
וְאֵין לֵב עֵינַיִם לָהֶם וְלֹא יִרְאוּ אָזְנַיִם לָהֶם וְלֹא יִשְׁמָעוּ׃
כב הַאוֹתִי לֹא־תִירָאוּ נְאֻם־יְהוָה אִם מִפָּנַי לֹא תָחִילוּ אֲשֶׁר־
שַׂמְתִּי חוֹל גְּבוּל לַיָּם חָק־עוֹלָם וְלֹא יַעַבְרֶנְהוּ וַיִּתְגָּעֲשׁוּ
כג וְלֹא יוּכָלוּ וְהָמוּ גַלָּיו וְלֹא־יַעַבְרֻנְהוּ׃ וְלָעָם הַזֶּה הָיָה
כד לֵב סוֹרֵר וּמוֹרֶה סָרוּ וַיֵּלֵכוּ׃ וְלוֹא־אָמְרוּ בִלְבָבָם נִירָא
נָא אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ הַנֹּתֵן גֶּשֶׁם וֹיֹרֶה וּמַלְקוֹשׁ בְּעִתּוֹ
כה שְׁבֻעֹת חֻקּוֹת קָצִיר יִשְׁמָר־לָנוּ׃ עֲוֺנוֹתֵיכֶם הִטּוּ־אֵלֶּה
כו וְחַטֹּאותֵיכֶם מָנְעוּ הַטּוֹב מִכֶּם׃ כִּי־נִמְצְאוּ בְעַמִּי רְשָׁעִים
יָשׁוּר כְּשַׁךְ יְקוּשִׁים הִצִּיבוּ מַשְׁחִית אֲנָשִׁים יִלְכֹּדוּ׃
כז כִּכְלוּב מָלֵא עוֹף כֵּן בָּתֵּיהֶם מְלֵאִים מִרְמָה עַל־כֵּן גָּדְלוּ
כח וַיַּעֲשִׁירוּ׃ שָׁמְנוּ עָשְׁתוּ גַּם עָבְרוּ דִבְרֵי־רָע דִּין לֹא־דָנוּ
כט דִּין יָתוֹם וְיַצְלִיחוּ וּמִשְׁפַּט אֶבְיוֹנִים לֹא שָׁפָטוּ׃ הַעַל־
אֵלֶּה לֹא־אֶפְקֹד נְאֻם־יְהוָה אִם בְּגוֹי אֲשֶׁר־כָּזֶה לֹא תִתְנַקֵּם
ל לא נַפְשִׁי׃ שַׁמָּה וְשַׁעֲרוּרָה נִהְיְתָה בָּאָרֶץ׃ הַנְּבִאִים

כב׳ קמץ בז״ק   כד׳ יורה קי׳   כה׳ יתיר ו׳

אָט מאַך איך מיינע ווערטער אין דיין מויל צו פייער,
און דאָסדאָזיקע פאָלק, האָלץ,
און עס וועט זיי פאַרצערן.
15 זע, איך ברענג אויף אײַך אַ פאָלק פון דער ווייט,
איר הויז פון ישׂראל, זאָגט גאָט;
אַ מאַכטיק פאָלק איז דאָס,
אַ פאָלק פון פאַרצייטן איז דאָס,
אַ פאָלק וואָס דו ווייסט ניט זיין לשון,
און פאַרשטייסט ניט וואָס ער רעדט.
16 זיין פיילבייטל איז ווי אַן אָפענער קבר;
זיי זיינען אַלע גיבורים.
17 און ער וועט אויפעסן דיין שניט, און דיין ברויט;
זיי וועלן אויפעסן דיינע זין און דיינע טעכטער;
ער וועט אויפעסן דיינע שאָף און דיינע רינדער,
ער וועט אויפעסן דיין ווייַנשטאָק און דיין פייגנבוים;
ער וועט צעקלאַפּן מיטן שווערד
דיינע פעסטונגשטעט וואָס דו פאַרזיכערסט זיך אויף זיי.
18 הגם אויך אין יענע טעג, זאָגט גאָט,
וועל איך ניט מאַכן אַ פאַרלענדונג פון אײַך.
19 און עס וועט זיין, אַז איר וועט זאָגן: פאַרוואָס האָט יהוה אונדזער גאָט אונדז געטאָן דאָס אַלץ? זאָלסטו זאָגן צו זיי: אַזוי ווי איר האָט מיך פאַרלאָזן, און געדינט פרעמדע געטער אין אײַער לאַנד, אַזוי זאָלט איר דינען פרעמדע אין אַ לאַנד ניט אײַערס.

20 זאָגט דאָס אָן אין הויז פון יעקב,
און מאַכט עס הערן אין יהודה, אַזוי צו זאָגן:
21 הערט דאָס צו אַקאָרשט, איר נאַריש פאָלק אָן שׂכל,
וואָס האָבן אויגן און זעען ניט,
וואָס האָבן אויערן און הערן ניט;

22 האָט איר דען ניט מורא פאַר מיר? זאָגט גאָט,
צי ציטערט איר ניט פאַר מיין אָנגעזיכט?
איך וואָס האָב געמאַכט זאַמד אַ גרענעץ צום ים,
אַן אײביק געזעץ וואָס ער קען ניט אַריבערגיין;
און זיינע אינדן וואַרפן זיך, און קענען ניט בייקומען,
און זיי ברומען, און קענען עס ניט אַריבערגיין.
23 אָבער ביי דעמדאָזיקן פאָלק
איז אַן אָפּגעקערט און ווידערשפּעניק האַרץ,
זיי האָבן זיך אָפּגעקערט און זיינען אַוועק.
24 און זיי האָבן ניט געזאָגט אין זייער האַרצן:
לאָמיר מורא האָבן פאַר יהוה אונדזער גאָט,
וואָס גיט רעגן, פרירעגן, און שפּעטרעגן, אין זיין צייט,
וואָס היט פאַר אונדז אָפּ די געשטעלטע וואָכן פון שניט.
25 אײַערע זינד האָבן אָפּגענייגט דידאָזיקע,
און אײַערע חטאים האָבן פאַרמיטן דאָס גוטס פון אײַך.
26 וואָרום צווישן מיין פאָלק געפינען זיך רשעים;
זיי קוקן נאָך, אַזוי ווי פויגלפאַנגער לויערן,
זיי שטעלן אַ פּאַסטקע, מענטשן פאַנגען זיי.
27 ווי אַ שטייג פול מיט פויגלען,
אַזוי זיינען זייערע הייזער פול מיט באַטרוג;
דרום זיינען זיי גרויס און רייך געוואָרן.
28 פעט, גראָב זיינען זיי געוואָרן;
יאָ, זיי שטייגן אַריבער אין בייזע שטיק.
פאַר רעכט נעמען זיי זיך ניט אָן,
פאַרן רעכט פון יתום, אַז זיי זאָלן עס דורכפירן;
און דעם משפּט פון די אָרימע משפּטן זיי ניט.
29 זאָל איך דערפאַר זיך ניט אָפּרעכענען?
זאָגט גאָט;
זאָל אָן אַ פאָלק ווי דאָסדאָזיקע
זיך ניט נוקם זיין מיין זעל?

30 אַ שרעק און אַ שוידער
געשעט אין לאַנד:
31 די נביאים זאָגן נביאות אויף ליגן,

און די כֹּהנים געוועלטיקן זיי צו דער האַנט,
און מיין פֿאָלק האָט עס ליב אַזוי;
אָבער וואָס וועט איר טאָן צום סוף דערפֿון?

# ו

1 אַנטרינט, איר קינדער פֿון בנימין,
אַרויס פֿון ירושָלַיִם,
און אין תקוֹעַ בלאָזטא אַ שוֹפר,
און אין בֵית־כֶּרֶם הייבט אויף אַ צייכן,
וואָרום אַן אומגליק קוקט אַרויס פֿון צפון,
און אַ בראָך אַ גרויסער.
2 די שיינע און פֿאַרצערטלטע,
די טאָכטער צִיון טו איך פֿאַרשניידן.
3 צו איר קומען פּאַסטוכער מיט זייערע סטאַדעס,
זיי שטעלן אויף געצעלטן רונד אַרום איר,
זיי פּיטערן איטלעכער זיך צו דער האַנט.

4 „בּרייט אָן אַ מלחמה אויף איר!
שטייט אויף, און לאָמיר אַרויפֿגיין אין מיטן טאָג!"—
„ווי אונדז! וואָרום דער טאָג קערט זיך אָפּ,
וואָרום עס שטרעקן זיך די שאָטנס פֿון אָוונט"—
5 „שטייט אויף, און לאָמיר אַרויפֿגיין בּיי נאַכט,
און לאָמיר צעשטערן אירע פּאַלאַצן!"

6 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבָאות:
שניידט אָן געהילץ,
און שיט אָן אַרום ירושָלַיִם אַן ערדוואַל;
דאָס איז די שטאָט וואָס איז אין גאַנצן
אָנגעלייגט מיט רויבֿ אין איר.
7 ווי אַ בּרונעם קוועלט אַרויס זיינע וואַסער,
אַזוי קוועלט זי אַרויס איר בּייז;
אומרעכט און רויבֿ הערט זיך אין איר,
פֿאַר מיין פּנים איז תּמיד קראַנקשאַפֿט און שלעג.
8 נעם אַ מוּסר, ירושָלַיִם,
כּדי מיין זעל זאָל זיך ניט אָפּעקלען פֿון דיר,
כּדי איך זאָל דיך ניט מאַכן אַ ווּיסטעניש,
אַ לאַנד ניט בּאַווּינט.

9 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבָאות:
אַרומקלייבן ווי אַ ווייַנשטאָק וועט מען אַרומקלייבן
דעם איבערבּלייב פֿון ישׂראל;
קער ווידער און ווידער דיין האַנט,
ווי אַ האַרבּסטער אויף די צווייַגלעך.

10 צו וועמען זאָל איך רעדן און וואָרענען,
אַז זיי זאָלן הערן?
זע, זייער אויער איז פֿאַרשטאָפּט,
און זיי קענען ניט פֿאַרנעמען;
זע, גאָטס וואָרט איז בּיי זיי צום געשפּעט,
זיי ווילן עס ניט.
11 דרום בּין איך פֿול מיט דעם גרימצאָרן פֿון גאָט,
איך קען מער ניט אײַנהאַלטן:
גיס אים אויס אויף די קינדער אין גאַס,
און אויף דעם געזעמל פֿון יונגע לייט מיטאַנאַנדער;
וואָרום אי מאַן אי ווייבֿ וועלן בּאַצוווּנגען ווערן,

א וואָרטשפּיל: וּבִתְקוֹעַ תִּקְעוּ.

נְבִאוּ בַשֶּׁקֶר וְהַכֹּהֲנִים יִרְדּוּ עַל־יְדֵיהֶם וְעַמִּי אָהֲבוּ כֵן
וּמַה־תַּעֲשׂוּ לְאַחֲרִיתָהּ׃

ו

א הָעִזוּ ׀ בְּנֵי בִנְיָמִן מִקֶּרֶב יְרוּשָׁלַ͏ִם וּבִתְקוֹעַ תִּקְעוּ שׁוֹפָר
וְעַל־בֵּית הַכֶּרֶם שְׂאוּ מַשְׂאֵת כִּי רָעָה נִשְׁקְפָה מִצָּפוֹן
ב ג וְשֶׁבֶר גָּדוֹל׃ הַנָּוָה וְהַמְּעֻנָּגָה דָּמִיתִי בַּת־צִיּוֹן׃ אֵלֶיהָ
יָבֹאוּ רֹעִים וְעֶדְרֵיהֶם תָּקְעוּ עָלֶיהָ אֳהָלִים סָבִיב רָעוּ אִישׁ
ד אֶת־יָדוֹ׃ קַדְּשׁוּ עָלֶיהָ מִלְחָמָה קוּמוּ וְנַעֲלֶה בַצָּהֳרָיִם אוֹי
ה לָנוּ כִּי־פָנָה הַיּוֹם כִּי־יִנָּטוּ צִלְלֵי־עָרֶב׃ קוּמוּ וְנַעֲלֶה
ו בַלָּיְלָה וְנַשְׁחִיתָה אַרְמְנוֹתֶיהָ׃ כִּי כֹה אָמַר יְהוָה
צְבָאוֹת כִּרְתוּ עֵצָה וְשִׁפְכוּ עַל־יְרוּשָׁלַ͏ִם סֹלְלָה הִיא הָעִיר
ז הָפְקַד כֻּלָּהּ עֹשֶׁק בְּקִרְבָּהּ׃ כְּהָקִיר בַּוֹר מֵימֶיהָ כֵּן הֵקֵרָה
רָעָתָהּ חָמָס וָשֹׁד יִשָּׁמַע בָּהּ עַל־פָּנַי תָּמִיד חֳלִי וּמַכָּה׃
ח הִוָּסְרִי יְרוּשָׁלַ͏ִם פֶּן־תֵּקַע נַפְשִׁי מִמֵּךְ פֶּן־אֲשִׂימֵךְ שְׁמָמָה
ט אֶרֶץ לוֹא נוֹשָׁבָה׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת עוֹלֵל
יְעוֹלְלוּ כַגֶּפֶן שְׁאֵרִית יִשְׂרָאֵל הָשֵׁב יָדְךָ כְּבוֹצֵר עַל־
י סַלְסִלּוֹת׃ עַל־מִי אֲדַבְּרָה וְאָעִידָה וְיִשְׁמָעוּ הִנֵּה עֲרֵלָה
אָזְנָם וְלֹא יוּכְלוּ לְהַקְשִׁיב הִנֵּה דְבַר־יְהוָה הָיָה לָהֶם
יא לְחֶרְפָּה לֹא יַחְפְּצוּ־בוֹ׃ וְאֵת חֲמַת יְהוָה ׀ מָלֵאתִי נִלְאֵיתִי
הָכִיל שְׁפֹךְ עַל־עוֹלָל בַּחוּץ וְעַל סוֹד בַּחוּרִים יַחְדָּו כִּי־
יב גַם־אִישׁ עִם־אִשָּׁה יִלָּכֵדוּ זָקֵן עִם־מְלֵא יָמִים׃ וְנָסַבּוּ
בָתֵּיהֶם לַאֲחֵרִים שָׂדוֹת וְנָשִׁים יַחְדָּו כִּי־אַטֶּה אֶת־יָדִי
יג עַל־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ נְאֻם־יְהוָה׃ כִּי מִקְּטַנָּם וְעַד־גְּדוֹלָם
כֻּלּוֹ בּוֹצֵעַ בָּצַע וּמִנָּבִיא וְעַד־כֹּהֵן כֻּלּוֹ עֹשֶׂה שָּׁקֶר׃
יד וַיְרַפְּאוּ אֶת־שֶׁבֶר עַמִּי עַל־נְקַלָּה לֵאמֹר שָׁלוֹם ׀ שָׁלוֹם
טו וְאֵין שָׁלוֹם׃ הֹבִשׁוּ כִּי־תוֹעֵבָה עָשׂוּ גַּם־בּוֹשׁ לֹא־יֵבוֹשׁוּ
גַּם־הַכְלִים לֹא יָדָעוּ לָכֵן יִפְּלוּ בַנֹּפְלִים בְּעֵת־פְּקַדְתִּים

ו, ה׳ קמץ בז״ק   ג׳ הה רפה   ז׳ ביר קרי   י׳ טו׳ קמץ בז״ק

דער זקן מיטן פֿולבּאַטאָגטן.
12 און זייערע הייזער וועלן איבּערגיין צו אַנדערע,
פֿעלדער און ווייבּער מיטאַנאַנדער;
וואָרום איך וועל אויסשטרעקן מיין האַנט
אויף די בּאַווּינער פֿון לאַנד, זאָגט גאָט.
13 וואָרום פֿון זייער קלענסטן בּיז זייער גרעסטן
איז איטלעכער גייציק נאָך געווין,
און פֿון נביא בּיזן כּהן
טוט איטלעכער פֿאַלשקייט.
14 און זיי היילן דעם בּראָך פֿון מיין פֿאָלק אויף גרינג,
אַזוי צו זאָגן: שלום! שלום! ווען קיין שלום איז ניטאָ.
15 זיי וועלן צו שאַנד ווערן,
ווייל אומווערדיקייט האָבּן זיי געטאָן;
צומאָל שעמען זיי זיך ניט,
צומאָל פֿון קיין בּושה ווייסן זיי ניט;
דרום וועלן זיי פֿאַלן צווישן די געפֿאַלענע;
בּעת איך רעכן זיך מיט זיי
וועלן זיי געשטרויכלט ווערן, זאָגט גאָט.

יִכָּשְׁלוּ אָמַר יְהוָה׃ כֹּה אָמַר יְהוָה עִמְדוּ עַל־דְּרָכִים טז
וּרְאוּ וְשַׁאֲלוּ ׀ לִנְתִבוֹת עוֹלָם אֵי־זֶה דֶרֶךְ הַטּוֹב וּלְכוּ־בָהּ
וּמִצְאוּ מַרְגּוֹעַ לְנַפְשְׁכֶם וַיֹּאמְרוּ לֹא נֵלֵךְ׃ וַהֲקִמֹתִי יז
עֲלֵיכֶם צֹפִים הַקְשִׁיבוּ לְקוֹל שׁוֹפָר וַיֹּאמְרוּ לֹא נַקְשִׁיב׃
לָכֵן שִׁמְעוּ הַגּוֹיִם וּדְעִי עֵדָה אֶת־אֲשֶׁר־בָּם׃ שִׁמְעִי הָאָרֶץ יח יט
הִנֵּה אָנֹכִי מֵבִיא רָעָה אֶל־הָעָם הַזֶּה פְּרִי מַחְשְׁבוֹתָם כִּי
עַל־דְּבָרַי לֹא הִקְשִׁיבוּ וְתוֹרָתִי וַיִּמְאֲסוּ־בָהּ׃ לָמָּה־זֶּה לִי כ
לְבוֹנָה מִשְּׁבָא תָבוֹא וְקָנֶה הַטּוֹב מֵאֶרֶץ מֶרְחָק עֹלוֹתֵיכֶם
לֹא לְרָצוֹן וְזִבְחֵיכֶם לֹא־עָרְבוּ לִי׃ לָכֵן כֹּה אָמַר יְהוָה כא
הִנְנִי נֹתֵן אֶל־הָעָם הַזֶּה מִכְשֹׁלִים וְכָשְׁלוּ בָם אָבוֹת וּבָנִים
יַחְדָּו שָׁכֵן וְרֵעוֹ יֹאבֵדוּ׃ כֹּה אָמַר יְהוָה הִנֵּה עַם כב
בָּא מֵאֶרֶץ צָפוֹן וְגוֹי גָּדוֹל יֵעוֹר מִיַּרְכְּתֵי־אָרֶץ׃ קֶשֶׁת כג
וְכִידוֹן יַחֲזִיקוּ אַכְזָרִי הוּא וְלֹא יְרַחֵמוּ קוֹלָם כַּיָּם יֶהֱמֶה
וְעַל־סוּסִים יִרְכָּבוּ עָרוּךְ כְּאִישׁ לַמִּלְחָמָה עָלַיִךְ בַּת־
צִיּוֹן׃ שָׁמַעְנוּ אֶת־שָׁמְעוֹ רָפוּ יָדֵינוּ צָרָה הֶחֱזִקַתְנוּ חִיל כד
כַּיּוֹלֵדָה׃ אַל־תֵּצְאִי הַשָּׂדֶה וּבַדֶּרֶךְ אַל־תֵּלֵכִי כִּי חֶרֶב כה
לְאֹיֵב מָגוֹר מִסָּבִיב׃ בַּת־עַמִּי חִגְרִי־שָׂק וְהִתְפַּלְּשִׁי בָאֵפֶר כו
אֵבֶל יָחִיד עֲשִׂי־לָךְ מִסְפַּד תַּמְרוּרִים כִּי פִתְאֹם יָבֹא
הַשֹּׁדֵד עָלֵינוּ׃ בָּחוֹן נְתַתִּיךָ בְעַמִּי מִבְצָר וְתֵדַע וּבָחַנְתָּ כז
אֶת־דַּרְכָּם׃ כֻּלָּם סָרֵי סוֹרְרִים הֹלְכֵי רָכִיל נְחֹשֶׁת וּבַרְזֶל כח
כֻּלָּם מַשְׁחִיתִים הֵמָּה׃ נָחַר מַפֻּחַ מֵאֵשָׁתַם עֹפָרֶת לַשָּׁוְא כט
צָרַף צָרוֹף וְרָעִים לֹא נִתָּקוּ׃ כֶּסֶף נִמְאָס קָרְאוּ לָהֶם כִּי־ ל
מָאַס יְהוָה בָּהֶם׃

ז

הַדָּבָר אֲשֶׁר הָיָה אֶל־יִרְמְיָהוּ מֵאֵת יְהוָה לֵאמֹר׃ עֲמֹד א ב
בְּשַׁעַר בֵּית יְהוָה וְקָרָאתָ שָּׁם אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה וְאָמַרְתָּ
שִׁמְעוּ דְבַר־יְהוָה כָּל־יְהוּדָה הַבָּאִים בַּשְּׁעָרִים הָאֵלֶּה

ו, כא׳ ואבדו קרי   כה׳ תצאי קרי   תלכי קרי   כו׳ קמץ בס״טא   כט׳ מאש תם קרי

16 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
שטייט אויף די וועגן און זעט,
און פרעגט אויף די אַלטע שטעגן,
ווו איז דער וועג צום גוטן,
און גייט אויף אים,
און געפינט אַן אָפּרו פאַר אײַער זעל.
אָבער זיי האָבן געזאָגט:
מיר וועלן ניט גיין.
17 און איך פלעג אויפשטעלן וועכטער איבער אײַך:
פאַרנעמט דעם קול פון שופר!
אָבער זיי האָבן געזאָגט:
מיר וועלן ניט פאַרנעמען.
18 דרום הערט, איר פעלקער,
און זיי וויסן, דו אײַנזאַמלונג, וואָס אויף זיי קומט.
19 הער, דו ערד;
זע, איך ברענג אַן אומגליק אויף דעמדאָזיקן פאָלק,
די פרוכט פון זייערע טראַכטונגען,
ווייל זיי האָבן מײַנע ווערטער ניט פאַרנומען,
און מײַן תּורה–זי האָבן זיי פאַראַכט.
20 צו וואָס מיר דען ווייַרויך וואָס קומט פון שבֿאָ,
און גוטער געווירצראָר פון אַ ווייטן לאַנד?
אײַערע בראַנדאָפּפער זײַנען ניט צו באַוויליקונג,
און אײַערע שלאַכטאָפּפער זײַנען מיר ניט אָנגעלייגט.
21 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט:
זע, איך לייג שטרויכלונגען פאַר דעמדאָזיקן פאָלק,
און שטרויכלען וועלן דורך זיי
פּאָטערס און זין אין איינעם,
דער שכן און זײַן חבר;
און זיי וועלן אונטערגיין.

22 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, אַ פאָלק קומט פון צפֿון־לאַנד,
און אַ גרויסע אומה דערוועקט זיך פון די עקן ערד.
23 בויגן און שפּיז האַלטן זיי,

אַכזָרים זײַנען זיי, און האָבן קיין רחמנות ניט;
זייער קָול ברומט ווי דער ים,
און אויף פערד רייטן זיי;
אויסגעשטעלט ווי איין מאַן צו מלחמה
אויף דיר, טאָכטער צִיוֹן.
24 מיר האָבן געהערט זײַן הערונג,
אונדזערע הענט זײַנען שלאַף געוואָרן,
אַן אַנגסט האָט אונדז באַנומען,
אַ ווייטאָק ווי אַ געווינערין.
25 זאָלסט ניט אַרויס אין פעלד,
און אין וועג זאָלסטו ניט גיין,
וואָרום די שווערד פון דעם פײַנט
איז אַ שרעק רונד אַרום.
26 טאָכטער מײַן פאָלק, גורט אָן זאַק,
און קייקל זיך אין אַש;
אַ טרויער ווי נאָך אַן אײנאײנציקן מאַך דיר,
אַ ביטערע קלאָג,

וואָרום פּלוצים וועט קומען
דער פאַרוויסטער אויף אונדז.

27 אַ פּרווער האָב איך דיך געמאַכט,
אַ גאָלדטיגל צווישן מײַן פאָלק,
כּדי זאָלסט געוואָר ווערן
און פּרוּון זייער וועג.
28 אָפּגעקערטע אָפּקערער זײַנען זיי אַלע,
רכילות־טרײַבער;
קופּער און אײַזן זײַנען זיי,
אַלע פאַרדאָרבן זײַנען זיי.
29 געסאָפּעט האָט דער בלאָזזאַק,
פאַרלענדט געוואָרן פון פײַער איז דאָס בלײַ–
אומזיסט האָט מען לײַטערן געלײַטערט,
וואָרום די שלעכטע זײַנען ניט אָפּגעשיידט געוואָרן.
30 פאַראַכטע זילבער רופט מען זיי,
וואָרום פאַראַכט האָט זיי גאָט.

ז 1 דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו יִרמיָהון פון גאָט, אַזוי צו זאָגן: 2 שטעל זיך אין טויער פון גאָטס הויז, און זאָלסט אויס־
רופן דאָרטן דאָסדאָזיקע וואָרט, און זאָגן: הערט דאָס וואָרט פון גאָט, גאַנץ יהודה, וואָס קומט אין דידאָזיקע טויערן
זיך צו בוקן צו גאָט.

3 אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבָאוֹת
דער גאָט פון ישׂראל:
בעסערט אײַערע װעגן און אײַערע מעשׂים,
און איך װעל אײַך לאָזן רוען אין דעמדאָזיקן אָרט.
4 איר זאָלט אײַך ניט פאַרזיכערן אויף די װערטער פון ליגן,
אַזוי צו זאָגן: דער טעמפּל פון גאָט,
דער טעמפּל פון גאָט, דער טעמפּל פון גאָט איז דאָס.
5 נײַערט, אויב בעסערן װעט איר בעסערן
אײַערע װעגן און אײַערע מעשׂים;
אויב טאָן װעט איר טאָן גערעכטיקײט
צװישן איטלעכן און זײַן חבר,
6 דעם פרעמדן, דעם יתום, און די אַלמנה װעט איר ניט דריקן,
און אומשולדיק בלוט װעט איר ניט פאַרגיסן
אין דעמדאָזיקן אָרט,
און נאָך פרעמדע געטער װעט איר ניט גײן,
צו אײַער אײגענער רעה,
7 װעל איך אײַך לאָזן רוען אין דעמדאָזיקן אָרט,
אין דעם לאַנד װאָס איך האָב געגעבן אײַערע עלטערן
פון אײביק און ביז אײביק.
8 זעט, איר פאַרזיכערט אײַך
אויף װערטער פון ליגן אָן אַ נוץ.
9 װילט איר גנבען, טײטן, און נואפן,
און שװערן פאַלש, און רײכערן צו בַּעַל,
און גײן נאָך פרעמדע געטער, װאָס איר קענט ניט,
10 און קומען און זיך שטעלן פאַר מיר אין דעמדאָזיקן הויז,
װאָס מײַן נאָמען װערט גערופן אויף אים,
און זאָגן: „מיר זײַנען געראַטעװעט!“
כּדי צו טאָן אַלע דידאָזיקע אומװערדיקײטן?
11 איז אַ הײל פון רויבער געװאָרן אין אײַערע אויגן
דאָסדאָזיקע הויז װאָס מײַן נאָמען װערט גערופן אויף אים?
אָבער איך, זעט, האָב צוגעקוקט, זאָגט גאָט.
12 װאָרום גײט אַקאָרשט צו מײַן אָרט װאָס אין שילוֹ,
װאָס איך האָב געמאַכט רוען מײַן נאָמען דאָרטן צוערשט,
און זעט װאָס איך האָב געטאָן צו אים,
פון װעגן דער שלעכטיקײט פון מײַן פאָלק ישׂראל.
13 און אַצונד, װײַל איר טוט אַלע דידאָזיקע מעשׂים,
זאָגט גאָט,
און איך האָב צו אײַך גערעדט,
גאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד גערעדט,
און איר האָט ניט צוגעהערט,
און איך האָב אײַך גערופן,
און איר האָט ניט געענטפערט —
14 דרום װעל איך טאָן צו דעם הויז,

ג לְהִשְׁתַּחֲוֺת לַיהוָה׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
הֵיטִיבוּ דַרְכֵיכֶם וּמַעַלְלֵיכֶם וַאֲשַׁכְּנָה אֶתְכֶם בַּמָּקוֹם
ד הַזֶּה׃ אַל־תִּבְטְחוּ לָכֶם אֶל־דִּבְרֵי הַשֶּׁקֶר לֵאמֹר הֵיכַל
ה יְהוָה הֵיכַל יְהוָה הֵיכַל יְהוָה הֵמָּה׃ כִּי אִם־הֵיטֵיב
תֵּיטִיבוּ אֶת־דַּרְכֵיכֶם וְאֶת־מַעַלְלֵיכֶם אִם־עָשׂוֹ תַעֲשׂוּ
ו מִשְׁפָּט בֵּין אִישׁ וּבֵין רֵעֵהוּ׃ גֵּר יָתוֹם וְאַלְמָנָה לֹא תַעֲשֹׁקוּ
וְדָם נָקִי אַל־תִּשְׁפְּכוּ בַּמָּקוֹם הַזֶּה וְאַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים
ז לֹא תֵלְכוּ לְרַע לָכֶם׃ וְשִׁכַּנְתִּי אֶתְכֶם בַּמָּקוֹם הַזֶּה
בָּאָרֶץ אֲשֶׁר נָתַתִּי לַאֲבוֹתֵיכֶם לְמִן־עוֹלָם וְעַד־עוֹלָם׃
ח הִנֵּה אַתֶּם בֹּטְחִים לָכֶם עַל־דִּבְרֵי הַשָּׁקֶר לְבִלְתִּי הוֹעִיל׃
ט הֲגָנֹב ׀ רָצֹחַ וְנָאֹף וְהִשָּׁבֵעַ לַשֶּׁקֶר וְקַטֵּר לַבָּעַל וְהָלֹךְ
י אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים אֲשֶׁר לֹא־יְדַעְתֶּם׃ וּבָאתֶם וַעֲמַדְתֶּם
לְפָנַי בַּבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר נִקְרָא־שְׁמִי עָלָיו וַאֲמַרְתֶּם נִצַּלְנוּ
יא לְמַעַן עֲשׂוֹת אֵת כָּל־הַתּוֹעֵבֹת הָאֵלֶּה׃ הַמְעָרַת פָּרִצִים
הָיָה הַבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר־נִקְרָא־שְׁמִי עָלָיו בְּעֵינֵיכֶם גַּם אָנֹכִי
יב הִנֵּה רָאִיתִי נְאֻם־יְהוָה׃ כִּי לְכוּ־נָא אֶל־מְקוֹמִי אֲשֶׁר
בְּשִׁילוֹ אֲשֶׁר שִׁכַּנְתִּי שְׁמִי שָׁם בָּרִאשׁוֹנָה וּרְאוּ אֵת אֲשֶׁר־
יג עָשִׂיתִי לוֹ מִפְּנֵי רָעַת עַמִּי יִשְׂרָאֵל׃ וְעַתָּה יַעַן עֲשׂוֹתְכֶם
אֶת־כָּל־הַמַּעֲשִׂים הָאֵלֶּה נְאֻם־יְהוָה וָאֲדַבֵּר אֲלֵיכֶם הַשְׁכֵּם
יד וְדַבֵּר וְלֹא שְׁמַעְתֶּם וָאֶקְרָא אֶתְכֶם וְלֹא עֲנִיתֶם׃ וְעָשִׂיתִי
לַבַּיִת ׀ אֲשֶׁר נִקְרָא־שְׁמִי עָלָיו אֲשֶׁר אַתֶּם בֹּטְחִים בּוֹ
וְלַמָּקוֹם אֲשֶׁר־נָתַתִּי לָכֶם וְלַאֲבוֹתֵיכֶם כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתִי
טו לְשִׁלוֹ׃ וְהִשְׁלַכְתִּי אֶתְכֶם מֵעַל פָּנָי כַּאֲשֶׁר הִשְׁלַכְתִּי אֶת־
טז כָּל־אֲחֵיכֶם אֵת כָּל־זֶרַע אֶפְרָיִם׃ וְאַתָּה אַל־תִּתְפַּלֵּל ׀
בְּעַד־הָעָם הַזֶּה וְאַל־תִּשָּׂא בַעֲדָם רִנָּה וּתְפִלָּה וְאַל־תִּפְגַּע־
יז בִּי כִּי־אֵינֶנִּי שֹׁמֵעַ אֹתָךְ׃ הַאֵינְךָ רֹאֶה מָה הֵמָּה עֹשִׂים
יח בְּעָרֵי יְהוּדָה וּבְחֻצוֹת יְרוּשָׁלִָם׃ הַבָּנִים מְלַקְּטִים עֵצִים

ה׳ ו׳ במקום ה י׳ פתח באתנח

װאָס מײַן נאָמען װערט גערופן אויף אים,
װאָס איר פאַרזיכערט אײַך אויף אים,
און צו דעם אָרט װאָס איך האָב געגעבן
אײַך און אײַערע עלטערן,
אַזוי װי איך האָב געטאָן צו שילוֹ.
15 און איך װעל אײַך אַװעקװאַרפן פון פאַר מײַן פּנים,
אַזוי װי איך האָב אַװעקגעװאָרפן אַלע אײַערע ברידער,
דעם גאַנצן זאָמען פון אפרים.

16 און דו, זאָלסט ניט מתפּלל זײַן פאַר דעמדאָזיקן פאָלק,
און ניט אויפהײבן אַ געשרײ און אַ תּפילה פאַר זײ,
און זיך ניט שתּדלען בײַ מיר,
װאָרום איך הער דיך ניט צו.
17 זעסטו ניט װאָס זײ טוען
אין די שטעט פון יהודה און אין די גאַסן פון ירושָלַיִם?
18 די קינדער קלײַבן האָלץ,

וְהָאָבוֹת מְבַעֲרִים אֶת־הָאֵשׁ וְהַנָּשִׁים לָשׁוֹת בָּצֵק לַעֲשׂוֹת
כַּוָּנִים לִמְלֶכֶת הַשָּׁמַיִם וְהַסֵּךְ נְסָכִים לֵאלֹהִים אֲחֵרִים
יט לְמַעַן הַכְעִסֵנִי׃ הַאֹתִי הֵם מַכְעִסִים נְאֻם־יְהוָה הֲלוֹא
כ אֹתָם לְמַעַן בֹּשֶׁת פְּנֵיהֶם׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי
יְהוִה הִנֵּה אַפִּי וַחֲמָתִי נִתֶּכֶת אֶל־הַמָּקוֹם הַזֶּה עַל־הָאָדָם
וְעַל־הַבְּהֵמָה וְעַל־עֵץ הַשָּׂדֶה וְעַל־פְּרִי הָאֲדָמָה וּבָעֲרָה
כא וְלֹא תִכְבֶּה׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
כב עֹלוֹתֵיכֶם סְפוּ עַל־זִבְחֵיכֶם וְאִכְלוּ בָשָׂר׃ כִּי לֹא־דִבַּרְתִּי
אֶת־אֲבוֹתֵיכֶם וְלֹא צִוִּיתִים בְּיוֹם הוֹצִיאִ אוֹתָם מֵאֶרֶץ
כג מִצְרָיִם עַל־דִּבְרֵי עוֹלָה וָזָבַח׃ כִּי אִם־אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה
צִוִּיתִי אוֹתָם לֵאמֹר שִׁמְעוּ בְקוֹלִי וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹהִים
וְאַתֶּם תִּהְיוּ־לִי לְעָם וַהֲלַכְתֶּם בְּכָל־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר אֲצַוֶּה
כד אֶתְכֶם לְמַעַן יִיטַב לָכֶם׃ וְלֹא שָׁמְעוּ וְלֹא־הִטּוּ אֶת־אָזְנָם
וַיֵּלְכוּ בְּמֹעֵצוֹת בִּשְׁרִרוּת לִבָּם הָרָע וַיִּהְיוּ לְאָחוֹר וְלֹא
כה לְפָנִים׃ לְמִן־הַיּוֹם אֲשֶׁר יָצְאוּ אֲבוֹתֵיכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם
עַד הַיּוֹם הַזֶּה וָאֶשְׁלַח אֲלֵיכֶם אֶת־כָּל־עֲבָדַי הַנְּבִיאִים
כו יוֹם הַשְׁכֵּם וְשָׁלֹחַ׃ וְלוֹא שָׁמְעוּ אֵלַי וְלֹא הִטּוּ אֶת־אָזְנָם
כז וַיַּקְשׁוּ אֶת־עָרְפָּם הֵרֵעוּ מֵאֲבוֹתָם׃ וְדִבַּרְתָּ אֲלֵיהֶם אֶת־
כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְלֹא יִשְׁמְעוּ אֵלֶיךָ וְקָרָאתָ אֲלֵיהֶם
כח וְלֹא יַעֲנוּכָה׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם זֶה הַגּוֹי אֲשֶׁר לוֹא־שָׁמְעוּ
בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהָיו וְלֹא לָקְחוּ מוּסָר אָבְדָה הָאֱמוּנָה
כט וְנִכְרְתָה מִפִּיהֶם׃ גָּזִּי נִזְרֵךְ וְהַשְׁלִיכִי וּשְׂאִי עַל־
ל שְׁפָיִם קִינָה כִּי מָאַס יְהוָה וַיִּטֹּשׁ אֶת־דּוֹר עֶבְרָתוֹ׃ כִּי־
עָשׂוּ בְנֵי־יְהוּדָה הָרַע בְּעֵינַי נְאֻם־יְהוָה שָׂמוּ שִׁקּוּצֵיהֶם
לא בַּבַּיִת אֲשֶׁר־נִקְרָא־שְׁמִי עָלָיו לְטַמְּאוֹ׃ וּבָנוּ בָּמוֹת הַתֹּפֶת
אֲשֶׁר בְּגֵיא בֶן־הִנֹּם לִשְׂרֹף אֶת־בְּנֵיהֶם וְאֶת־בְּנֹתֵיהֶם בָּאֵשׁ
לב אֲשֶׁר לֹא צִוִּיתִי וְלֹא עָלְתָה עַל־לִבִּי׃ לָכֵן הִנֵּה־יָמִים

---

כא׳ הפטרה צו   כב׳ הוציאי קרי

אוּן די פאָטערס צינדן אָן דאָס פייער,
אוּן די ווייבער קנעטן טייג
צוּ מאַכן קוּכנס צוּ דער מלכּה פוּן הימל,
אוּן זיי גיסן גיסאָפּפער צוּ פרעמדע געטער,
כּדי מיך ווי צוּ טאָן.
19 טוּען זיי דען מיר ווי, זאָגט גאָט,
צי ניט זיך אַליין, צוּ דער שאַנד פוּן זייער פּנים?
20 דרוּם האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
זע, מיין כּעס אוּן מיין גרימצאָרן
גיסט זיך אוּיס אוּיף דעמדאָזיקן אָרט,
אוּיף מענטשן, אוּן אוּיף בּהמות,
אוּן אוּיף דעם בּוים פוּן פעלד,
אוּן אוּיף דער פרוּכט פוּן דער ערד,
אוּן ער וועט בּרענען אוּן ניט פאַרלאָשן ווערן.

21 אַזוי האָט געזאָגט יהוה פוּן צבָאות,
דער גאָט פוּן ישׂראל:
לייגט צוּ אייערע בּראַנדאָפּפער צוּ אייערע שלאַכט־אָפּפער,
אוּן עסט זיך אָן מיט פלייש.
22 וואָרוּם איך האָבּ ניט גערעדט מיט אייערע עלטערן,
אוּן האָבּ זיי ניט בּאַפוילן,
אין דעם טאָג וואָס איך האָבּ זיי אַרוּיסגעצויגן פוּן לאַנד מִצרַיִם,
וועגן אַ בּראַנדאָפּפער אָדער אַ שלאַכטאָפּפער.
23 נאָר בּלויז דאָסדאָזיקע וואָרט האָבּ איך זיי בּאַפוילן,
אַזוי צוּ זאָגן: הערט צוּ מיין קָול,
אוּן איך וועל אייך זיין צוּם גאָט,
אוּן איר וועט מיר זיין צוּם פאָלק;
אוּן איר זאָלט גיין אין אַלדעם וועג וואָס איך בּאַפעל אייך,
כּדי אייך זאָל גוּט זיין.
24 אָבּער זיי האָבּן ניט צוּגעהערט,
אוּן ניט צוּגענייגט זייער אויער,
אוּן זיי זיינען געגאַנגען אין די עצות,
אין דער איינגעשפּאַרטקייט פוּן זייער בּייזן האַרצן,
אוּן זיינען געווען אַהינטער אוּן ניט פאַרוּיס,
25 פוּן דעם טאָג וואָס אייערע עלטערן זיינען אַרוּיס פוּן לאַנד מִצרַיִם
בּיז אוּיף היינטיקן טאָג;
אוּן איך האָבּ געשיקט צוּ אייך אַלע מיינע קנעכט די נביאים,
טאָגטעגלעך, נאָכאַנאַנד געשיקט,
26 אָבּער זיי האָבּן ניט צוּגעהערט צוּ מיר,
אוּן ניט צוּגענייגט זייער אויער,
אוּן זיי האָבּן האַרט געמאַכט זייער נאַקן;
זיי האָבּן געטאָן ערגער פוּן זייערע עלטערן.
27 אוּן וועסט רעדן צוּ זיי די אַלע ווערטער,
אָבּער זיי וועלן ניט צוּהערן צוּ דיר,
אוּן וועסט רוּפן צוּ זיי,
אָבּער זיי וועלן דיר ניט ענטפערן.
28 זאָלסטוּ זאָגן צוּ זיי:
דאָס איז דאָס פאָלק וואָס האָט ניט צוּגעהערט
צוּ דעם קָול פוּן יהוה זיין גאָט,
אוּן ניט גענוּמען קיין מוּסר;
אוּנטערגעגאַנגען איז דער אמת,
אוּן פאַרשניטן פוּן זייער מוּיל.
29 שנייד אָפּ דיין קרוין האָר אוּן וואַרף אַוועק,
אוּן אוּיף די הוּיכע ערטער הייבּ אוּיף אַ קלאָג,
וואָרוּם פאַראַכט האָט גאָט אוּן פאַרלאָזן
דעם דָור פוּן זיין צאָרן.
30 וואָרוּם די קינדער פוּן יהוּדה האָבּן געטאָן
וואָס איז שלעכט אין מיינע אוּיגן, זאָגט גאָט;
זיי האָבּן אַריינגעטאָן זייערע אוּמווערדיקייטן אין דעם הוּיז
וואָס מיין נאָמען ווערט גערוּפן אוּיף אים,
עס צוּ פאַראוּמרייניקן.
31 אוּן זיי האָבּן געבּוּיט די בָּמות פוּן תּוֹפֶת
וואָס אין טאָל פוּן בֶּן־הִנוֹם,
צוּ פאַרבּרענען זייערע זין אוּן זייערע טעכטער אין פייער,
וואָס ניט איך האָבּ בּאַפוילן,
אוּן ניט עס איז אוּיף מיין זינען אַרוּיפגעקוּמען.
32 דרוּם זע, טעג קוּמען, זאָגט גאָט,

בָּאִים נְאֻם־יְהוָה וְלֹא־יֵאָמֵר עוֹד הַתֹּפֶת וְגֵיא בֶן־הִנֹּם
לג כִּי אִם־גֵּיא הַהֲרֵגָה וְקָבְרוּ בְתֹפֶת מֵאֵין מָקוֹם׃ וְהָיְתָה
נִבְלַת הָעָם הַזֶּה לְמַאֲכָל לְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּלְבֶהֱמַת הָאָרֶץ
לד וְאֵין מַחֲרִיד׃ וְהִשְׁבַּתִּי ׀ מֵעָרֵי יְהוּדָה וּמֵחֻצוֹת יְרוּשָׁלִַם
קוֹל שָׂשׂוֹן וְקוֹל שִׂמְחָה קוֹל חָתָן וְקוֹל כַּלָּה כִּי לְחָרְבָּה
תִּהְיֶה הָאָרֶץ׃

ח

א בָּעֵת הַהִיא נְאֻם־יְהוָה וְיוֹצִיאוּ אֶת־עַצְמוֹת מַלְכֵי־יְהוּדָה
וְאֶת־עַצְמוֹת שָׂרָיו וְאֶת־עַצְמוֹת הַכֹּהֲנִים וְאֵת ׀ עַצְמוֹת
ב הַנְּבִיאִים וְאֵת עַצְמוֹת יוֹשְׁבֵי־יְרוּשָׁלִָם מִקִּבְרֵיהֶם׃ וּשְׁטָחוּם
לַשֶּׁמֶשׁ וְלַיָּרֵחַ וּלְכֹל ׀ צְבָא הַשָּׁמַיִם אֲשֶׁר אֲהֵבוּם וַאֲשֶׁר
עֲבָדוּם וַאֲשֶׁר הָלְכוּ אַחֲרֵיהֶם וַאֲשֶׁר דְּרָשׁוּם וַאֲשֶׁר
הִשְׁתַּחֲווּ לָהֶם לֹא יֵאָסְפוּ וְלֹא יִקָּבֵרוּ לְדֹמֶן עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה
ג יִהְיוּ׃ וְנִבְחַר מָוֶת מֵחַיִּים לְכֹל הַשְּׁאֵרִית הַנִּשְׁאָרִים מִן־
הַמִּשְׁפָּחָה הָרָעָה הַזֹּאת בְּכָל־הַמְּקֹמוֹת הַנִּשְׁאָרִים אֲשֶׁר
ד הִדַּחְתִּים שָׁם נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת׃ ס וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה
ה אָמַר יְהוָה הֲיִפְּלוּ וְלֹא יָקוּמוּ אִם־יָשׁוּב וְלֹא יָשׁוּב׃ מַדּוּעַ
שׁוֹבְבָה הָעָם הַזֶּה יְרוּשָׁלִַם מְשֻׁבָה נִצַּחַת הֶחֱזִיקוּ בַּתַּרְמִית
ו מֵאֲנוּ לָשׁוּב׃ הִקְשַׁבְתִּי וָאֶשְׁמָע לוֹא־כֵן יְדַבֵּרוּ אֵין אִישׁ
נִחָם עַל־רָעָתוֹ לֵאמֹר מֶה עָשִׂיתִי כֻּלֹּה שָׁב בִּמְרוּצָתָם
ז כְּסוּס שׁוֹטֵף בַּמִּלְחָמָה׃ גַּם־חֲסִידָה בַשָּׁמַיִם יָדְעָה
מוֹעֲדֶיהָ וְתֹר וְסִיס וְעָגוּר שָׁמְרוּ אֶת־עֵת בֹּאָנָה וְעַמִּי
ח לֹא יָדְעוּ אֵת מִשְׁפַּט יְהוָה׃ אֵיכָה תֹאמְרוּ חֲכָמִים אֲנַחְנוּ
וְתוֹרַת יְהוָה אִתָּנוּ אָכֵן הִנֵּה לַשֶּׁקֶר עָשָׂה עֵט שֶׁקֶר
ט סֹפְרִים׃ הֹבִשׁוּ חֲכָמִים חַתּוּ וַיִּלָּכֵדוּ הִנֵּה בִדְבַר־יְהוָה
י מָאָסוּ וְחָכְמַת־מֶה לָהֶם׃ לָכֵן אֶתֵּן אֶת־נְשֵׁיהֶם לַאֲחֵרִים
שְׂדוֹתֵיהֶם לְיוֹרְשִׁים כִּי מִקָּטֹן וְעַד־גָּדוֹל כֻּלֹּה בֹּצֵעַ בָּצַע

ח, א׳ יוציאו קרי קמץ בטרחא ג׳ דלג עד ט,כב׳ ה׳ פתח באתנח
ו׳ קמץ בפשטא במרוצתם ק׳ ז׳ וסיס ק׳ ט׳ קמץ בז״ק

און עס וועט מער ניט געזאָגט ווערן „תּוֹפֶת"
און „טאָל פון בֶּןהִנוֹם",
נייערט „טאָל פון טייטונג",
און מע וועט באַגראָבן אין תּוֹפֶת,
ווייל מער קיין אָרט וועט ניט זיין.
33 און די טויטע לייבער פון דעמדאָזיקן פאָלק
וועלן זיין צו שפּייז פאַרן פויגל פון הימל,
און פאַר דער חיה פון דער ערד,
און קיינער וועט זיי ניט אָפּשרעקן.
34 און איך וועל פאַרשטערן פון די שטעט פון יהודה,
און פון די גאַסן פון ירושָׁלַיִם,
דעם קָול פון לוסטיקייט און דעם קָול פון פרייד,
דעם קָול פון אַ חתן און דעם קָול פון אַ כּלה,
וואָרום צו וויסטעניש וועט ווערן דאָס לאַנד.

ח 1 אין יענער צייט, זאָגט גאָט,
וועט מען אַרויסציען די ביינער פון די מלכים פון יהודה,
און די ביינער פון זיינע האַרן,
און די ביינער פון די כּהנים,
און די ביינער פון די נביאים,
און די ביינער פון די באַוווינער פון ירושָׁלַיִם,
פון זייערע קברים;
2 און מע וועט זיי אויסשפּרייטן
פאַר דער זון, און פאַר דער לבנה,
און פאַר דעם גאַנצן חיל פון הימל,
וואָס זיי האָבן זיי ליב געהאַט,
און וואָס זיי האָבן זיי געדינט,
און וואָס זיי זיינען געגאַנגען נאָך זיי,
און וואָס זיי האָבן זיי געזוכט,
און וואָס זיי האָבן זיך געבוקט צו זיי;
ניט אַיינגעזאַמלט און ניט באַגראָבן וועלן זיי ווערן;
צו מיסט אויפן געזיכט פון דער ערד וועלן זיי זיין.
3 און טויט וועט זיין ליבער פון לעבן דעם גאַנצן איבערבלייב
וואָס וועט בלייבן פון דערדאָזיקער בייזער משפּחה,
די וואָס וועלן איבערבלייבן אין אַלע ערטער
וואָס איך האָב זיי פאַרשטויסן אַהין,
זאָגט גאָט פון צבָאוֹת.

4 און זאָלסט זאָגן צו זיי: אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פאַלט מען און מע שטייט ניט אויף?
צי קערט מען זיך אָפּ, און מע קערט ניט צוריק?
5 פאַרוואָס האָט זיך אָפּגעקערט דאָסדאָזיקע פאָלק, ירושָׁלַיִם,
אַן אייביקע אָפּקערונג?
זיי האַלטן זיך אָן באַטרוג,
זיי ווילן ניט צוריקקערן.
6 איך האָב געהאָרכט און זיך צוגעהערט,
ניט די ריכטיקייט רעדן זיי.
קיינער האָט ניט חרטה אויף זיין שלעכטיקייט,
צו זאָגן: וואָס האָב איך געטאָן!
איטלעכער קערט זיך אַוועק אין זיין געלאַף,
ווי אַ פערד וואָס יאָגט אין מלחמה.
7 אַפילו דער שטאָרך אין הימל
ווייס זיינע געשטעלטע צייטן,
און די טורטלטויב און די שוואַלב און דער בושל
היטן די צייט פון זייער קומען;
נאָר מיין פאָלק ווייס ניט
דאָס געזעץ פון גאָט.
8 ווי קענט איר זאָגן: חכמים זיינען מיר,
און די תּוֹרה פון גאָט איז ביי אונדז?
פאַרוואָר, זע, אומנישט האָט געאַרבעט
די פאַלשע פען פון די שרייבער.
9 פאַרשעמט זיינען די חכמים,
דערשראָקן און באַצוווּנגען;
זע, דאָס וואָרט פון גאָט האָבן זיי פאַראַכט,
און וואָסער חכמה איז ביי זיי?

10 דרום וועל איך געבן זייערע ווייבער צו אַנדערע,
און זייערע פעלדער צו אָפּיַרשער;
וואָרום פון קלענסטן ביזן גרעסטן
איז איטלעכער גייציק נאָך געווין;

מִנָּבִיא וְעַד־כֹּהֵן כֻּלֹּה עֹשֶׂה שָּׁקֶר׃ וַיְרַפּוּ אֶת־שֶׁבֶר בַּת־ יא
עַמִּי עַל־נְקַלָּה לֵאמֹר שָׁלוֹם ׀ שָׁלוֹם וְאֵין שָׁלוֹם׃ הֹבִשׁוּ יב
כִּי תוֹעֵבָה עָשׂוּ גַּם־בּוֹשׁ לֹא־יֵבֹשׁוּ וְהִכָּלֵם לֹא יָדָעוּ לָכֵן
יִפְּלוּ בַנֹּפְלִים בְּעֵת פְּקֻדָּתָם יִכָּשְׁלוּ אָמַר יְהוָה׃
אָסֹף אֲסִיפֵם נְאֻם־יְהוָה אֵין עֲנָבִים בַּגֶּפֶן וְאֵין תְּאֵנִים יג
בַּתְּאֵנָה וְהֶעָלֶה נָבֵל וָאֶתֵּן לָהֶם יַעַבְרוּם׃ עַל־מָה אֲנַחְנוּ יד
יֹשְׁבִים הֵאָסְפוּ וְנָבוֹא אֶל־עָרֵי הַמִּבְצָר וְנִדְּמָה־שָּׁם כִּי יְהוָה
אֱלֹהֵינוּ הֲדִמָּנוּ וַיַּשְׁקֵנוּ מֵי־רֹאשׁ כִּי חָטָאנוּ לַיהוָה׃ קַוֵּה טו
לְשָׁלוֹם וְאֵין טוֹב לְעֵת מַרְפֵּה וְהִנֵּה בְעָתָה׃ מִדָּן נִשְׁמַע טז
נַחְרַת סוּסָיו מִקּוֹל מִצְהֲלוֹת אַבִּירָיו רָעֲשָׁה כָּל־הָאָרֶץ
וַיָּבוֹאוּ וַיֹּאכְלוּ אֶרֶץ וּמְלוֹאָהּ עִיר וְיֹשְׁבֵי בָהּ׃ כִּי הִנְנִי מְשַׁלֵּחַ יז
בָּכֶם נְחָשִׁים צִפְעֹנִים אֲשֶׁר אֵין־לָהֶם לָחַשׁ וְנִשְּׁכוּ אֶתְכֶם
נְאֻם־יְהוָה׃ מַבְלִיגִיתִי עֲלֵי יָגוֹן עָלַי לִבִּי דַוָּי׃ הִנֵּה־ יח יט
קוֹל שַׁוְעַת בַּת־עַמִּי מֵאֶרֶץ מַרְחַקִּים הַיהוָה אֵין בְּצִיּוֹן אִם־
מַלְכָּהּ אֵין בָּהּ מַדּוּעַ הִכְעִסוּנִי בִּפְסִלֵיהֶם בְּהַבְלֵי נֵכָר׃
עָבַר קָצִיר כָּלָה קָיִץ וַאֲנַחְנוּ לוֹא נוֹשָׁעְנוּ׃ עַל־שֶׁבֶר בַּת־ כ כא
עַמִּי הָשְׁבָּרְתִּי קָדַרְתִּי שַׁמָּה הֶחֱזִקָתְנִי׃ הַצֳרִי אֵין בְּגִלְעָד כב
אִם־רֹפֵא אֵין שָׁם כִּי מַדּוּעַ לֹא עָלְתָה אֲרֻכַת בַּת־עַמִּי׃
מִי־יִתֵּן רֹאשִׁי מַיִם וְעֵינִי מְקוֹר דִּמְעָה וְאֶבְכֶּה יוֹמָם וָלַיְלָה כג
אֵת חַלְלֵי בַת־עַמִּי׃

## ט

מִי־יִתְּנֵנִי בַמִּדְבָּר מְלוֹן אֹרְחִים וְאֶעֶזְבָה אֶת־עַמִּי וְאֵלְכָה א
מֵאִתָּם כִּי כֻלָּם מְנָאֲפִים עֲצֶרֶת בֹּגְדִים׃ וַיַּדְרְכוּ אֶת־ ב
לְשׁוֹנָם קַשְׁתָּם שֶׁקֶר וְלֹא לֶאֱמוּנָה גָּבְרוּ בָאָרֶץ כִּי מֵרָעָה
אֶל־רָעָה ׀ יָצָאוּ וְאֹתִי לֹא־יָדָעוּ נְאֻם־יְהוָה׃ אִישׁ ג
מֵרֵעֵהוּ הִשָּׁמֵרוּ וְעַל־כָּל־אָח אַל־תִּבְטָחוּ כִּי כָל־אָח עָקוֹב

ח, יא׳ חסר א׳ יב׳ קמץ מ״ק יג׳ הפטרת ט׳ באב טו׳ ה׳ במקום א׳
יח׳ ב׳ טעמים כא׳ פתח באתנח ט, ב׳ קמץ בתביר קמץ בטרחא

פון נביא ביזן כּהן
טוט איטלעכער פאַלשקייט.
11 און זיי היילן דעם בּראָך פון דער טאָכטער מיין פאָלק
אויף גרינג,
אַזוי צו זאָגן: שלום! שלום! ווען קיין שלום איז ניטאָ.
12 זיי וועלן צו שאַנד ווערן,
ווייל אומווערדיקייט האָבּן זיי געטאָן;
צומאָל שעמען שעמען זיי זיך ניט,
און פון קיין בּושה ווייסן זיי ניט;
דרום וועלן זיי פאַלן צווישן די געפאַלענע;
אין דער צייט פון זייער רעכנשאַפט
וועלן זיי געשטרויכלט ווערן, זאָגט גאָט.

13 פאַרלענדן וועל איך זיי פאַרלענדן,
זאָגט גאָט;
קיין טרויבּן אויפן ווייַנשטאָק,
און קיין פייגן אויפן פייגנבּוים,
און דאָס בּלאַט פאַרוועלקט!
און וואָס איך האָבּ זיי געגעבּן, וועט אַוועק פון זיי.

14 נאָך וואָס זיצן מיר?
זאַמלט אַייך איין און לאָמיר אַריין אין די פעסטונגשטעט,
און דאָרטן פאַרשניטן ווערן;
וואָרום יהוה אונדזער גאָט האָט אונדז פאַרשניטן,
און אונדז אָנגעטרונקען מיט גיפטוואַסער,
ווייל מיר האָבּן געזינדיקט צו גאָט.
15 געהאָפט אויף שלום,
און קיין גוטס איז ניטאָ;
אויף אַ צייט פון היילונג,
ערשט אַ שרעקעניש.

16 פון דָן הערט זיך דאָס סאָפּען פון זיינע פערד,
פון דעם קָול פון די הירזשעס פון זיינע אָגערס
ציטערט דאָס גאַנצע לאַנד;
און זיי קומען און פאַרצערן
דאָס לאַנד און איר פולקייט,
די שטאָט און די וווינער אין איר.
17 וואָרום זעט, איך שיק אָן אויף אַייך שלענג
פּיפּערנאָטערס,
וואָס פאַר זיי איז קיין שפּרוך ניטאָ,
און זיי וועלן אַייך בּייסן, זאָגט גאָט.

18 איך וויל מיך דערמונטערן אין קומער,
איז מיין האַרץ אין מיר קראַנק.
19 זע, אַ קָול פון געשריי פון דער טאָכטער מיין פאָלק,
פון אַ לאַנד אַ ווייטן:
איז גאָט ניטאָ אין צִיוֹן?
איז איר קיניג ניטאָ אין איר?
פאַרוואָס האָבּן זיי מיך דערצערנט מיט זייערע געצן,
מיט נישטיקייטן פון דער פרעמד?
20 אַריבּער דער שניט, געענדיקט דער זומער,
און מיר זיינען ניט געהאָלפן געוואָרן.
21 איבּער דעם בּראָך פון דער טאָכטער מיין פאָלק
בּין איך צעבּראָכן,
פינצטער בּין איך,
אַ שרעק האָט מיך אָנגענומען.
22 איז קיין בּאַלזאַם ניטאָ אין גִלעָד?
צי איז קיין רופא ניטאָ דאָרט?
פאַרוואָס דען קומט ניט קיין היילונג
צו דער טאָכטער מיין פאָלק?
ווער מאַכט מיין קאָפּ וואַסער,
און מיין אויג אַ קוואַל טרערן,
איך וואָלט בּאַווייַנט טאָג און נאַכט
די דערשלאָגענע פון דער טאָכטער מיין פאָלק!

ט 1 ווער גיט מיר אין מדבּר
אַ האַרבּעריק פאַר וואַנדערער,
איך וואָלט פאַרלאָזן מיין פאָלק,
און אַוועקגיין פון זיי!
וואָרום אַלע זיינען זיי נואפים,
אַ געזעמל פון פעלשער.
2 און זיי שפּאַנען זייער צונג–זייער בּויגן פון ליגן,
און ניט פאַר אמת זיינען זיי שטאַרק אין לאַנד;
וואָרום פון בּייז צו בּייז גייען זיי
און מיך קענען זיי ניט, זאָגט גאָט.
3 היט אַייך איטלעכער פון זיין חבר,
און אויף קיין בּרודער זאָלט איר אַייך ניט פאַרזיכערן,
וואָרום נאַרן נאַרט איטלעכער בּרודער,

ד יַעְקֹב וְכָל־רֵעַ רָכִיל יַהֲלֹךְ׃ וְאִישׁ בְּרֵעֵהוּ יְהָתֵלּוּ וֶאֱמֶת
ה לֹא יְדַבֵּרוּ לִמְּדוּ לְשׁוֹנָם דַּבֶּר־שֶׁקֶר הַעֲוֵה נִלְאוּ׃ שִׁבְתְּךָ
בְּתוֹךְ מִרְמָה בְּמִרְמָה מֵאֲנוּ דַעַת־אוֹתִי נְאֻם־יְהוָה׃
ו לָכֵן כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת הִנְנִי צוֹרְפָם וּבְחַנְתִּים כִּי־
ז אֵיךְ אֶעֱשֶׂה מִפְּנֵי בַּת־עַמִּי׃ חֵץ שׁוֹחֵט לְשׁוֹנָם מִרְמָה
דִבֵּר בְּפִיו שָׁלוֹם אֶת־רֵעֵהוּ יְדַבֵּר וּבְקִרְבּוֹ יָשִׂים אָרְבּוֹ׃
ח הַעַל־אֵלֶּה לֹא־אֶפְקָד־בָּם נְאֻם־יְהוָה אִם בְּגוֹי אֲשֶׁר־כָּזֶה
ט לֹא תִתְנַקֵּם נַפְשִׁי׃ עַל־הֶהָרִים אֶשָּׂא בְכִי וָנֶהִי וְעַל־
נְאוֹת מִדְבָּר קִינָה כִּי נִצְּתוּ מִבְּלִי־אִישׁ עֹבֵר וְלֹא שָׁמְעוּ
י קוֹל מִקְנֶה מֵעוֹף הַשָּׁמַיִם וְעַד־בְּהֵמָה נָדְדוּ הָלָכוּ׃ וְנָתַתִּי
אֶת־יְרוּשָׁלִַם לְגַלִּים מְעוֹן תַּנִּים וְאֶת־עָרֵי יְהוּדָה אֶתֵּן
יא שְׁמָמָה מִבְּלִי יוֹשֵׁב׃ מִי־הָאִישׁ הֶחָכָם וְיָבֵן אֶת־
זֹאת וַאֲשֶׁר דִּבֶּר פִּי־יְהוָה אֵלָיו וְיַגִּדָהּ עַל־מָה אָבְדָה הָאָרֶץ
יב נִצְּתָה כַמִּדְבָּר מִבְּלִי עֹבֵר׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה עַל־עָזְבָם
אֶת־תּוֹרָתִי אֲשֶׁר נָתַתִּי לִפְנֵיהֶם וְלֹא־שָׁמְעוּ בְקוֹלִי וְלֹא־
יג הָלְכוּ בָהּ׃ וַיֵּלְכוּ אַחֲרֵי שְׁרִרוּת לִבָּם וְאַחֲרֵי הַבְּעָלִים
יד אֲשֶׁר לִמְּדוּם אֲבוֹתָם׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הִנְנִי מַאֲכִילָם אֶת־הָעָם הַזֶּה לַעֲנָה
טו וְהִשְׁקִיתִים מֵי־רֹאשׁ׃ וַהֲפִצוֹתִים בַּגּוֹיִם אֲשֶׁר לֹא יָדְעוּ
הֵמָּה וַאֲבוֹתָם וְשִׁלַּחְתִּי אַחֲרֵיהֶם אֶת־הַחֶרֶב עַד כַּלּוֹתִי
טז אוֹתָם׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת הִתְבּוֹנְנוּ וְקִרְאוּ
לַמְקוֹנְנוֹת וּתְבוֹאֶינָה וְאֶל־הַחֲכָמוֹת שִׁלְחוּ וְתָבוֹאנָה׃
יז וּתְמַהֵרְנָה וְתִשֶּׂנָה עָלֵינוּ נֶהִי וְתֵרַדְנָה עֵינֵינוּ דִּמְעָה
יח וְעַפְעַפֵּינוּ יִזְּלוּ־מָיִם׃ כִּי קוֹל נְהִי נִשְׁמַע מִצִּיּוֹן אֵיךְ שֻׁדָּדְנוּ
יט בֹּשְׁנוּ מְאֹד כִּי־עָזַבְנוּ אָרֶץ כִּי הִשְׁלִיכוּ מִשְׁכְּנוֹתֵינוּ׃ כִּי־
שְׁמַעְנָה נָשִׁים דְּבַר־יְהוָה וְתִקַּח אָזְנְכֶם דְּבַר־פִּיו וְלַמֵּדְנָה
כ בְנוֹתֵיכֶם נֶהִי וְאִשָּׁה רְעוּתָהּ קִינָה׃ כִּי־עָלָה מָוֶת בְּחַלּוֹנֵינוּ

ד׳ הל׳ רנשה   ז׳ שוחט ק׳   יז׳ חסר א׳   יח׳ קמץ בז״ק

און איטלעכער חבר טרייבט רכילות.
4 און איינער דעם אַנדערן גענאַרן זיי,
און אמת זאָגן זיי ניט;
זיי האָבן אַיינגעוווינט זייער צונג זאָגן ליגן,
זיי מאַטערן זיך צו פאַרברעכן.
5 דיין זיצן איז צווישן באַטרוג;
פון וועגן באַטרוג ווילן זיי מיך ניט קענען,
זאָגט גאָט.

6 דרום האָט גאָט פון צבָאות אַזוי געזאָגט:
זע, איך לײַטער זיי, און וועל זיי פּרוּוון,
וואָרום ווי דען זאָל איך טאָן
פון וועגן דער טאָכטער מיין פאָלק?
7 אַ פאַרשפּיצטע פייל איז זייער צונג,
זי רעדט באַטרוג;
מיטן מויל רעדט מען שלום מיטן חבר,
און אין זיך מאַכט מען אַ לויערונג אויף אים.
8 זאָל איך דערפאַר זיך ניט אָפּרעכענען מיט זיי,
זאָגט גאָט;
זאָל אָן אַ פאָלק ווי דאָסדאָזיקע
זיך ניט נוֹקם זיין מיין זעל?

9 וועגן די בערג וועל איך אויפהייבן אַ געוויין און אַ יאָמער,
און וועגן די פּיטערפּלעצער פון מדבר אַ קלאָג,
וואָרום זיי זיינען פאַרוויסט, אַז קיין מענטש גייט ניט
דורך,
און זיי הערן ניט קיין קָול פון פי;
פון אַ פויגל פון הימל ביז אַ בהמה
זיינען אַנטלאָפן, אַוועק.
10 און איך וועל מאַכן ירושָלַיִם פאַר הויפנס,
אַ וווינונג פון שאַקאַלן,
און די שטעט פון יהודה וועל איך מאַכן אַ וויסטעניש,
אָן אַ באַוווינער.

11 ווער איז דער קלוגער מאַן,
ער זאָל דאָס פאַרשטיין?
און דער וואָס גאָטס מויל האָט צו אים גערעדט,
ער זאָל דאָס זאָגן?
פאַרוואָס איז אונטערגעגאַנגען דאָס לאַנד,
פאַרוויסט ווי אַ מדבר, אָן אַ דורכגייער?
12 און גאָט האָט געזאָגט:
פאַרוואָס זיי האָבן פאַרלאָזן מיין תּורה,
וואָס איך האָב געלייגט פאַר זיי,
און זיי האָבן ניט צוגעהערט צו מיין קָול,
און ניט געגאַנגען אין איר;
13 נייערט געגאַנגען אין דער אַיינגעשפּאַרטקייט פון
זייער האַרצן,
און נאָך די בַּעַל־געטער וואָס זייערע עלטערן
האָבן זיי געלערנט.
14 דרום האָט אַזוי געזאָגט יהוה פון צבָאות,
דער גאָט פון ישׂראל:
זע, איך מאַך זיי עסן, דאָסדאָזיקע פאָלק, ווערמוט,
און איך וועל זיי מאַכן טרינקען גיפטוואַסער.
15 און איך וועל זיי צעשפּרייטן צווישן די פעלקער,
וואָס ניט זיי און ניט זייערע עלטערן האָבן געקענט,
און איך וועל נאָכשיקן נאָך זיי די שווערד,
ביז איך טו זיי פאַרלענדן.

16 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאות:
קוקט זיך אום, און רופט די קלאָגערינס, זיי זאָלן קומען,
און נאָך די קלוגע ווייבער שיקט, זיי זאָלן קומען;
17 און זאָלן זיי אַיילן און אויפהייבן אויף אונדז אַ יאָמער,
אַז אונדזערע אויגן זאָלן צעגיין אין טרערן,
און אונדזערע ברעמען זאָלן פליסן מיט וואַסער.
18 וואָרום אַ יאָמער־קָול הערט זיך פון צִיון:
ווי זיינען מיר פאַרוויסט געוואָרן!
מיר זיינען פאַרשעמט ביז גאָר,
ווייל מיר האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד,
ווייל אַרויסגעוואָרפן האָבן אונדז אונדזערע וווינונגען.
19 וואָרום הערט, איר ווייבער, דאָס וואָרט פון גאָט,
און זאָל פאַרנעמען אַייער אויער דאָס וואָרט פון זיין מויל,
און לערנט אַייערע טעכטער אַ יאָמער,
און איינע די אַנדערע אַ קלאָג.
20 וואָרום דער טויט איז אַרויפגעגאַנגען אין אונדזערע
פענצטער,

בָּא בְּאַרְמְנוֹתֵינוּ לְהַכְרִית עוֹלָל מִחוּץ בַּחוּרִים מֵרְחֹבוֹת׃
דַּבֵּר כֹּה נְאֻם־יְהוָה וְנָפְלָה נִבְלַת הָאָדָם כְּדֹמֶן עַל־פְּנֵי כא
הַשָּׂדֶה וּכְעָמִיר מֵאַחֲרֵי הַקֹּצֵר וְאֵין מְאַסֵּף׃ כֹּה ׀ אָמַר כב
יְהוָה אַל־יִתְהַלֵּל חָכָם בְּחָכְמָתוֹ וְאַל־יִתְהַלֵּל הַגִּבּוֹר
בִּגְבוּרָתוֹ אַל־יִתְהַלֵּל עָשִׁיר בְּעָשְׁרוֹ׃ כִּי אִם־בְּזֹאת יִתְהַלֵּל כג
הַמִּתְהַלֵּל הַשְׂכֵּל וְיָדֹעַ אוֹתִי כִּי אֲנִי יְהוָה עֹשֶׂה חֶסֶד מִשְׁפָּט
וּצְדָקָה בָּאָרֶץ כִּי־בְאֵלֶּה חָפַצְתִּי נְאֻם־יְהוָה׃ הִנֵּה כד
יָמִים בָּאִים נְאֻם־יְהוָה וּפָקַדְתִּי עַל־כָּל־מוּל בְּעָרְלָה׃ עַל־ כה
מִצְרַיִם וְעַל־יְהוּדָה וְעַל־אֱדוֹם וְעַל־בְּנֵי עַמּוֹן וְעַל־מוֹאָב
וְעַל כָּל־קְצוּצֵי פֵאָה הַיֹּשְׁבִים בַּמִּדְבָּר כִּי כָל־הַגּוֹיִם עֲרֵלִים
וְכָל־בֵּית יִשְׂרָאֵל עַרְלֵי־לֵב׃

י

שִׁמְעוּ אֶת־הַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה עֲלֵיכֶם בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ א
כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה אֶל־דֶּרֶךְ הַגּוֹיִם אַל־תִּלְמָדוּ וּמֵאֹתוֹת ב
הַשָּׁמַיִם אַל־תֵּחָתּוּ כִּי־יֵחַתּוּ הַגּוֹיִם מֵהֵמָּה׃ כִּי־חֻקּוֹת ג
הָעַמִּים הֶבֶל הוּא כִּי־עֵץ מִיַּעַר כְּרָתוֹ מַעֲשֵׂה יְדֵי־חָרָשׁ
בַּמַּעֲצָד׃ בְּכֶסֶף וּבְזָהָב יְיַפֵּהוּ בְּמַסְמְרוֹת וּבְמַקָּבוֹת ד
יְחַזְּקוּם וְלוֹא יָפִיק׃ כְּתֹמֶר מִקְשָׁה הֵמָּה וְלֹא יְדַבֵּרוּ ה
נָשׂוֹא יִנָּשׂוּא כִּי לֹא יִצְעָדוּ אַל־תִּירְאוּ מֵהֶם כִּי־לֹא יָרֵעוּ
וְגַם־הֵיטֵיב אֵין אוֹתָם׃ מֵאֵין כָּמוֹךָ יְהוָה גָּדוֹל ו
אַתָּה וְגָדוֹל שִׁמְךָ בִּגְבוּרָה׃ מִי לֹא יִרָאֲךָ מֶלֶךְ הַגּוֹיִם ז
כִּי לְךָ יָאָתָה כִּי בְכָל־חַכְמֵי הַגּוֹיִם וּבְכָל־מַלְכוּתָם מֵאֵין
כָּמוֹךָ׃ וּבְאַחַת יִבְעֲרוּ וְיִכְסָלוּ מוּסַר הֲבָלִים עֵץ הוּא׃ ח
כֶּסֶף מְרֻקָּע מִתַּרְשִׁישׁ יוּבָא וְזָהָב מֵאוּפָז מַעֲשֵׂה חָרָשׁ ט
וִידֵי צוֹרֵף תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן לְבוּשָׁם מַעֲשֵׂה חֲכָמִים כֻּלָּם׃
וַיהוָה אֱלֹהִים אֱמֶת הוּא־אֱלֹהִים חַיִּים וּמֶלֶךְ עוֹלָם מִקִּצְפּוֹ י
תִּרְעַשׁ הָאָרֶץ וְלֹא־יָכִלוּ גוֹיִם זַעְמוֹ׃ כִּדְנָה תֵּאמְרוּן יא

---

ט, כג׳ למדנחאי ומשפט עד כאן   י, ב׳ קמץ מ״ק   ה׳ כצ״ל

געקומען אין אונדזערע פּאַלאַצן,
צו פֿאַרשניידן אַ קינד פֿון דער גאַס,
בָּחורים פֿון די מערק.—
21 רעד: אַזוי איז דער שפּרוך פֿון גאָט—
און די טויטע לייבער פֿון מענטשן וועלן פֿאַלן
ווי מיסט אויפֿן פֿרייען פֿעלד,
און ווי אַ הייפֿל הינטערן שניטער,
וואָס קיינער קלייבט ניט אויף.
22 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זאָל זיך ניט רימען דער חכם מיט זיין חכמה,
און זאָל זיך ניט רימען דער גיבור מיט זיין גבורה;
זאָל זיך ניט רימען דער עושר מיט זיין עשירות;
23 נאָר דערמיט זאָל זיך רימען דער וואָס רימט זיך,
מיט פֿאַרשטיין און קענען מיך,
אַז איך יהוה טו חסד,
רעכט, און גערעכטיקייט, אויף דער ערד;
ווייל דידאָזיקע באַגער איך,
זאָגט גאָט.

24 זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און איך וועל זיך רעכענען
מיט אַלע באַשניטענע און אומבאַשניטענע:
25 מיט מִצרַיִם, און מיט יהודה, און מיט אֱדום,
און מיט די קינדער פֿון עַמון, און מיט מואָב,
און מיט אַלע וואָס מיט אָפּגעהאַקטע האָרעקן,
וואָס וווינען אין מדבר;
וואָרום אַלע פֿעלקער זיינען אומבאַשניטן,
און דאָס גאַנצע הויז פֿון ישׂראל זיינען אומבאַשניטן אין
האַרצן.

י 1 הערט דאָס וואָרט וואָס גאָט האָט אויף אייך
גערעדט,
איר הויז פֿון ישׂראל: 2 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
דעם וועג פֿון די פֿעלקער זאָלט איר זיך ניט
אָפּלערנען,
און פֿאַר די צייכנס פֿון הימל זאָלט איר זיך ניט שרעקן,
ווייל די פֿעלקער שרעקן זיך פֿאַר זיי.
3 וואָרום די מנהגים פֿון די אומות, דאָס איז נישטיקייט;
וואָרום עס איז אַ האָלץ וואָס מע האָט פֿון וואַלד
אויסגעהאַקט,
דאָס ווערק פֿון אַ מייסטערס הענט מיט דער הובל.
4 מיט זילבער און מיט גאָלד באַשיינט מען עס,
מיט נעגל און מיט האַמערס באַפֿעסטיקט מען עס,
עס זאָל זיך ניט וואַקלען.
5 ווי אַ פּלאָקן אין אַ פּלוצערפֿעלד זיינען זיי,
און זיי קענען ניט רעדן;
טראָגן מוזן זיי געטראָגן ווערן,
ווייל זיי קענען ניט שפּרייזן.
איר זאָלט ניט מורא האָבן פֿאַר זיי,
וואָרום זיי קענען ניט בייז טאָן,
און אויך גוטס טאָן איז ניט אין זיי.

6 ניטאָ דיין גלייכן, יהוה,
גרויס ביסטו, און גרויס איז דיין נאָמען אין גבורה.
7 ווער זאָל דיך ניט פֿאָרכטן,
קיניג פֿון די פֿעלקער?
פֿאַרוואָר, דיר קומט עס,
וואָרום צווישן אַלע קליגסטע פֿעלקער,
און אין אַל זייער מלוכה,
איז ניטאָ דיין גלייכן.
8 און אַלע אין איינעם זיינען זיי פֿאַרגרעבט און נאַריש;
אַ נישטיקע לערנונג, אַ האָלץ איז דאָס.
9 זילבערבלעך פֿון תּרשיש געבראַכט,
און גאָלד פֿון אופָז,
די אַרבעט פֿון אַ מייסטער,
און אַ שמעלצערס הענט;
בלאָ און פּורפּל איז זייער מלבוש,
די אַרבעט פֿון קינצלער זיינען זיי אַלע.
10 אָבער יהוה איז דער אמתער גאָט,
ער איז דער לעבעדיקער גאָט, און דער אייביקער קיניג;
פֿון זיין כּעס ציטערט די ערד,
און פֿעלקער קענען ניט אויסהאַלטן זיין צאָרן.
11 אַזוי זאָלט איר זאָגן צו זיי:

לְהוֹם אֱלָהַיָּא דִּי־שְׁמַיָּא וְאַרְקָא לָא עֲבַדוּ יֵאבַדוּ מֵאַרְעָא
יב וּמִן־תְּחוֹת שְׁמַיָּא אֵלֶּה׃ עֹשֵׂה אֶרֶץ בְּכֹחוֹ מֵכִין
יג תֵּבֵל בְּחָכְמָתוֹ וּבִתְבוּנָתוֹ נָטָה שָׁמָיִם׃ לְקוֹל תִּתּוֹ הֲמוֹן
מַיִם בַּשָּׁמַיִם וַיַּעֲלֶה נְשִׂאִים מִקְצֵה ׀ אָרֶץ בְּרָקִים לַמָּטָר
יד עָשָׂה וַיּוֹצֵא רוּחַ מֵאֹצְרֹתָיו׃ נִבְעַר כָּל־אָדָם מִדַּעַת
הֹבִישׁ כָּל־צוֹרֵף מִפָּסֶל כִּי שֶׁקֶר נִסְכּוֹ וְלֹא־רוּחַ בָּם׃
טו
טז הֶבֶל הֵמָּה מַעֲשֵׂה תַּעְתֻּעִים בְּעֵת פְּקֻדָּתָם יֹאבֵדוּ׃ לֹא־
כְאֵלֶּה חֵלֶק יַעֲקוֹב כִּי־יוֹצֵר הַכֹּל הוּא וְיִשְׂרָאֵל שֵׁבֶט
יז נַחֲלָתוֹ יְהוָה צְבָאוֹת שְׁמוֹ׃ אִסְפִּי מֵאֶרֶץ כִּנְעָתֵךְ
יח יוֹשֶׁבֶתי בַּמָּצוֹר׃ כִּי־כֹה אָמַר יְהוָה הִנְנִי קוֹלֵעַ
אֶת־יוֹשְׁבֵי הָאָרֶץ בַּפַּעַם הַזֹּאת וַהֲצֵרוֹתִי לָהֶם לְמַעַן יִמְצָאוּ׃
יט אוֹי לִי עַל־שִׁבְרִי נַחְלָה מַכָּתִי וַאֲנִי אָמַרְתִּי אַךְ
כ זֶה חֳלִי וְאֶשָּׂאֶנּוּ׃ אָהֳלִי שֻׁדָּד וְכָל־מֵיתָרַי נִתָּקוּ בָּנַי יְצָאֻנִי
כא וְאֵינָם אֵין־נֹטֶה עוֹד אָהֳלִי וּמֵקִים יְרִיעוֹתָי׃ כִּי נִבְעֲרוּ
הָרֹעִים וְאֶת־יְהוָה לֹא דָרָשׁוּ עַל־כֵּן לֹא הִשְׂכִּילוּ וְכָל־
כב מַרְעִיתָם נְפוֹצָה׃ קוֹל שְׁמוּעָה הִנֵּה בָאָה וְרַעַשׁ גָּדוֹל
מֵאֶרֶץ צָפוֹן לָשׂוּם אֶת־עָרֵי יְהוּדָה שְׁמָמָה מְעוֹן תַּנִּים׃
כג יָדַעְתִּי יְהוָה כִּי לֹא לָאָדָם דַּרְכּוֹ לֹא־לְאִישׁ הֹלֵךְ וְהָכִין
כד אֶת־צַעֲדוֹ׃ יַסְּרֵנִי יְהוָה אַךְ בְּמִשְׁפָּט אַל־בְּאַפְּךָ פֶּן
כה תַּמְעִטֵנִי׃ שְׁפֹךְ חֲמָתְךָ עַל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר לֹא־יְדָעוּךָ וְעַל
מִשְׁפָּחוֹת אֲשֶׁר בְּשִׁמְךָ לֹא קָרָאוּ כִּי־אָכְלוּ אֶת־יַעֲקֹב
וַאֲכָלֻהוּ וַיְכַלֻּהוּ וְאֶת־נָוֵהוּ הֵשַׁמּוּ׃

## יא

א
ב הַדָּבָר אֲשֶׁר־הָיָה אֶל־יִרְמְיָהוּ מֵאֵת יְהוָה לֵאמֹר׃ שִׁמְעוּ
אֶת־דִּבְרֵי הַבְּרִית הַזֹּאת וְדִבַּרְתֶּם אֶל־אִישׁ יְהוּדָה וְעַל־
ג יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִָם׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל אָרוּר הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא יִשְׁמַע אֶת־דִּבְרֵי הַבְּרִית

י, יא׳ פתח באתנח   יג׳ הארץ ק   יז׳ יושבת ק   יח׳ מלעיל   ב׳ קמץ בז״ק

די געטער וואָס האָבן די הימלען און די ערד ניט
געמאַכט,
וועלן אונטערגיין פון דער ערד
און פון אונטער דידאָזיקע הימלען[א].
12 ער האָט געמאַכט די ערד מיט זיין כּוח,
באַפעסטיקט די וועלט מיט זיין חכמה,
און מיט זיין פאַרשטאַנדיקייט די הימלען פאַרשפּרייט.
13 ביים קול פון זיין דונערן
ווערט אַ פילקייט פון וואַסער אין הימל;
און ער ברענגט אויף וואָלקן
פון עק פון דער ערד;
ער מאַכט בליצן צום רעגן,
און ציט אַרויס פון זיינע שפּייכלערס דעם ווינט.
14 איטלעכער מענטש איז פאַרגרעבט, אָן פאַרשטאַנד,
איטלעכער שמעלצער ווערט צו שאַנד פון דעם געץ;
וואָרום פאַלש איז זיין געגאָסענער אָפּגאָט,
און קיין אָטעם איז אין זיי ניטאָ.
15 נישטיק זיינען זיי, אַ ווערק פון פאַרפירעניש;
אין דער צייט פון זייער רעכנשאַפט וועלן זיי
אונטערגיין.
16 ניט ווי דידאָזיקע איז דער חלק פון יעקב;
וואָרום ער איז דער באַשעפער פון אַלץ,
און ישׂראל איז דער שבט פון זיין אַרב;
יהוה פון צבאות איז זיין נאָמען.

17 קלייב אויף פון דער ערד דיין בינטל,
דו וואָס זיצסט אין באַלעגערונג.
18 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, איך שלידער אַרויס דאָס מאָל די באַווינער פון
לאַנד,
און וועל זיי צודריקן, כּדי זיי זאָלן דערשפּירן.

19 ווי מיר אויף מיין בראָך!
שווער איז מיין ווונד!
און איך האָב געוועסט געזאָגט:
אַ קראַנקשאַפט נאָר איז דאָס,
און איך וועל זי אַריבערטראָגן.
20 מיין געצעלט איז פאַרוויסט,
און אַלע מיינע שטריק זיינען צעריסן,
מיינע קינדער זיינען אַרויס פון מיר און זיינען ניטאָ.
ניטאָ ווער זאָל אויסשפּרייטן ווידער מיין געצעלט,
און ווער זאָל אויפציען מיינע פאָרהאַנגען.
21 וואָרום פאַרגרעבט זיינען די פּאַסטוכער,
און גאָט האָבן זיי ניט געזוכט;
דרום האָבן זיי ניט באַגליקט,
און זייער גאַנצע סטאַדע איז צעשפּרייט געוואָרן.
22 האָרך! אַ הערונג אָט קומט,
און אַ גרויסער רַעש פון צפון־לאַנד,
צו מאַכן די שטעט פון יהודה אַ וויסטעניש,
אַ וווינונג פון שאַקאַלן.

23 איך וויס, גאָט, אַז ניט ביים מענטשן איז זיין וועג,
ניט ביים מענטשן איז גייענדיק צו לענקען זיין טריט.
24 שטראָף מיך, גאָט, אָבער מיט גערעכטיקייט,
ניט אין דיין צאָרן, כּדי זאָלסט מיך ניט פאַרמינערן.
25 גיס אויס דיין גרימצאָרן אויף די פעלקער וואָס קענען דיך
ניט,
און אויף די משפּחות וואָס רופן ניט דיין נאָמען,
וואָרום פאַרצערט האָבן זיי יעקב,
יאָ, אים פאַרצערט און אים פאַרלענדט[ב],
און זיין וווינונג פאַרוויסט.

## יא

1 דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו ירמיָהון פון גאָט, אַזוי
צו זאָגן:
2 הערט די ווערטער פון דעמדאָזיקן בונד,
און איר זאָלט רעדן צו די מענער פון יהודה,
און צו די באַווינער פון ירושָלַיִם.
3 און זאָלסט זאָגן צו זיי:
אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל:
פאַרשאָלטן דער מאַן וואָס וועט ניט צוהערן
די ווערטער פון דעמדאָזיקן בונד,

[א] פּסוק 11 איז אין טעקסט אין אַראַמיש. [ב] וואָרטשפּיל: וַאֲכָלֻהוּ וַיְכַלֻּהוּ.

הַזֹּאת׃ אֲשֶׁר צִוִּיתִי אֶת־אֲבוֹתֵיכֶם בְּיוֹם הוֹצִיאִ־אוֹתָם ד
מֵאֶרֶץ־מִצְרַיִם מִכּוּר הַבַּרְזֶל לֵאמֹר שִׁמְעוּ בְקוֹלִי וַעֲשִׂיתֶם
אוֹתָם כְּכֹל אֲשֶׁר־אֲצַוֶּה אֶתְכֶם וִהְיִיתֶם לִי לְעָם וְאָנֹכִי
אֶהְיֶה לָכֶם לֵאלֹהִים׃ לְמַעַן הָקִים אֶת־הַשְּׁבוּעָה אֲשֶׁר־ ה
נִשְׁבַּעְתִּי לַאֲבוֹתֵיכֶם לָתֵת לָהֶם אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבַשׁ
כַּיּוֹם הַזֶּה וָאַעַן וָאֹמַר אָמֵן ׀ יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה ו
אֵלַי קְרָא אֶת־כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה בְּעָרֵי יְהוּדָה וּבְחֻצוֹת
יְרוּשָׁלִַם לֵאמֹר שִׁמְעוּ אֶת־דִּבְרֵי הַבְּרִית הַזֹּאת וַעֲשִׂיתֶם
אוֹתָם׃ כִּי הָעֵד הַעִדֹתִי בַּאֲבוֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַעֲלוֹתִי אוֹתָם ז
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם עַד־הַיּוֹם הַזֶּה הַשְׁכֵּם וְהָעֵד לֵאמֹר שִׁמְעוּ
בְּקוֹלִי׃ וְלֹא שָׁמְעוּ וְלֹא־הִטּוּ אֶת־אָזְנָם וַיֵּלְכוּ אִישׁ ח
בִּשְׁרִירוּת לִבָּם הָרָע וָאָבִיא עֲלֵיהֶם אֶת־כָּל־דִּבְרֵי הַבְּרִית־
הַזֹּאת אֲשֶׁר־צִוִּיתִי לַעֲשׂוֹת וְלֹא עָשׂוּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה ט
אֵלָי נִמְצָא־קֶשֶׁר בְּאִישׁ יְהוּדָה וּבְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִָם׃ שָׁבוּ׳ י
עַל־עֲוֺנֹת אֲבוֹתָם הָרִאשֹׁנִים אֲשֶׁר מֵאֲנוּ לִשְׁמוֹעַ אֶת־
דְּבָרַי וְהֵמָּה הָלְכוּ אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים לְעָבְדָם הֵפֵרוּ
בֵית־יִשְׂרָאֵל וּבֵית יְהוּדָה אֶת־בְּרִיתִי אֲשֶׁר כָּרַתִּי אֶת־
אֲבוֹתָם׃ לָכֵן כֹּה אָמַר יְהוָה הִנְנִי מֵבִיא אֲלֵיהֶם יא
רָעָה אֲשֶׁר לֹא־יוּכְלוּ לָצֵאת מִמֶּנָּה וְזָעֲקוּ אֵלַי וְלֹא
אֶשְׁמַע אֲלֵיהֶם׃ וְהָלְכוּ עָרֵי יְהוּדָה וְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִַם יב
וְזָעֲקוּ אֶל־הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר הֵם מְקַטְּרִים לָהֶם וְהוֹשֵׁעַ לֹא־
יוֹשִׁיעוּ לָהֶם בְּעֵת רָעָתָם׃ כִּי מִסְפַּר עָרֶיךָ הָיוּ אֱלֹהֶיךָ יג
יְהוּדָה וּמִסְפַּר חֻצוֹת יְרוּשָׁלִַם שַׂמְתֶּם מִזְבְּחוֹת לַבֹּשֶׁת
מִזְבְּחוֹת לְקַטֵּר לַבָּעַל׃ וְאַתָּה אַל־תִּתְפַּלֵּל בְּעַד־ יד
הָעָם הַזֶּה וְאַל־תִּשָּׂא בַעֲדָם רִנָּה וּתְפִלָּה כִּי ׀ אֵינֶנִּי שֹׁמֵעַ
בְּעֵת קָרְאָם אֵלַי בְּעַד רָעָתָם׃ מֶה לִידִידִי בְּבֵיתִי טו
עֲשׂוֹתָהּ הַמְזִמָּתָה הָרַבִּים וּבְשַׂר־קֹדֶשׁ יַעַבְרוּ מֵעָלָיִךְ כִּי

׳ סלסל

[4] וואָס איך האָב באַפוילן אײַערע עלטערן
אין דעם טאָג וואָס איך האָב זיי אַרויסגעצויגן
פון לאַנד מִצרַיִם, פון דעם אײַזנשמעלצאויוון,
אַזוי צו זאָגן: הערט צו מיין קָול;
און איר זאָלט זיי טאָן, אַזוי ווי אַלץ וואָס איך באַפעל אײַך:
און איר וועט מיר זיין צום פאָלק,
און איך וועל אײַך זיין צום גאָט;
[5] כּדי מקיים צו זיין די שבועה
וואָס איך האָב געשוואָרן אײַערע עלטערן,
זיי צו געבן אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק,
אַזוי ווי היינטיקן טאָג.
האָב איך געענטפערט און געזאָגט: אָמן, גאָט!

[6] און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: רוף אויס די אַלע ווערטער אין די שטעט פון יהודה, און אין די גאַסן פון ירושָלַיִם, אַזוי צו זאָגן:
הערט די ווערטער פון דעמדאָזיקן בונד,
און איר זאָלט זיי טאָן.
[7] וואָרום וואָרענען האָב איך געוואָרנט אײַערע עלטערן
פון דעם טאָג וואָס איך האָב אײַך אויפגעבראַכט פון לאַנד מִצרַיִם,
ביז אויף היינטיקן טאָג,
נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד געוואָרנט,
אַזוי צו זאָגן: הערט צו מיין קָול.
[8] אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט,
און ניט צוגענייגט זייער אויער,
און זיי זיינען געגאַנגען איטלעכער
אין דער אײַנגעשפּאַרטקייט פון זייער בייזן האַרצן,
און איך האָב געבראַכט אויף זיי
אַלע ווערטער פון דעמדאָזיקן בונד,
וואָס איך האָב זיי באַפוילן צו טאָן,
און זיי האָבן ניט געטאָן.

[9] און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: אַ בונט געפינט זיך ביי די מענער פון יהודה, און ביי די באַוווינער פון ירושָלַיִם. [10] זיי האָבן זיך אומגעקערט צו די זינד פון זייערע אורעלטערן, וואָס האָבן ניט געוואָלט צוהערן מיינע ווערטער; און זיי זיינען געגאַנגען נאָך פרעמדע געטער זיי צו דינען; פאַרשטערט האָבן דאָס הויז פון ישׂראל און דאָס הויז פון יהודה מיין בונד וואָס איך האָב געשלאָסן מיט זייערע עלטערן. [11] דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט:
זע, איך ברענג אויף זיי אַן אומגליק
וואָס זיי וועלן פון אים ניט קענען אַרויסגיין,
און זיי וועלן שרייען צו מיר,
און איך וועל ניט צוהערן צו זיי.
[12] און די שטעט פון יהודה
און די באַוווינער פון ירושָלַיִם
וועלן גיין און וועלן שרייען
צו די געטער וואָס זיי רייכערן צו זיי,
אָבער העלפן וועלן זיי זיי ניט העלפן
אין דער צייט פון זייער אומגליק.
[13] וואָרום אַזוי ווי די צאָל פון דיינע שטעט
זיינען דיינע געטער, יהודה,
און אַזוי ווי די צאָל פון די גאַסן פון ירושָלַיִם
האָט איר געמאַכט מזבחות צו שאַנדגעצן,
מזבחות פאַר רייכערן צו בַעַל.
[14] און דו, זאָלסט ניט מתפלל זיין פאַר דעמדאָזיקן פאָלק,
און ניט אויפהייבן אַ געשריי און אַ תּפילה פאַר זיי.
וואָרום איך הער ניט צו בעת זיי רופן צו מיר
פון וועגן זייער אומגליק.

[15] וואָס טוט מיין ליבפריינט אין מיין הויז,
אַז זי באַגייט שענדלעכקייט מיט פיל?
און זאָל דורך הייליק פלייש דאָס אָפּגעטאָן ווערן פון דיר?

רָעָתֵכִי אָז תַּעֲלֹזִי׃ זַיִת רַעֲנָן יְפֵה פְרִי־תֹאַר קָרָא יְהוָה טז
שְׁמֵךְ לְקוֹל ׀ הֲמוּלָּה גְדֹלָה הִצִּית אֵשׁ עָלֶיהָ וְרָעוּ דָּלִיּוֹתָיו׃
יז וַיהוָה צְבָאוֹת הַנּוֹטֵעַ אוֹתָךְ דִּבֶּר עָלַיִךְ רָעָה בִּגְלַל רָעַת
בֵּית־יִשְׂרָאֵל וּבֵית יְהוּדָה אֲשֶׁר עָשׂוּ לָהֶם לְהַכְעִסֵנִי לְקַטֵּר
יח לַבָּעַל׃ וַיהוָה הוֹדִיעַנִי וָאֵדָעָה אָז הִרְאִיתַנִי מַעַלְלֵיהֶם׃
יט וַאֲנִי כְּכֶבֶשׂ אַלּוּף יוּבַל לִטְבוֹחַ וְלֹא־יָדַעְתִּי כִּי־עָלַי ׀
חָשְׁבוּ מַחֲשָׁבוֹת נַשְׁחִיתָה עֵץ בְּלַחְמוֹ וְנִכְרְתֶנּוּ מֵאֶרֶץ
כ חַיִּים וּשְׁמוֹ לֹא־יִזָּכֵר עוֹד׃ וַיהוָה צְבָאוֹת שֹׁפֵט
צֶדֶק בֹּחֵן כְּלָיוֹת וָלֵב אֶרְאֶה נִקְמָתְךָ מֵהֶם כִּי אֵלֶיךָ גִּלִּיתִי
כא אֶת־רִיבִי׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה עַל־אַנְשֵׁי עֲנָתוֹת
הַמְבַקְשִׁים אֶת־נַפְשְׁךָ לֵאמֹר לֹא תִנָּבֵא בְּשֵׁם יְהוָה וְלֹא
כב תָמוּת בְּיָדֵנוּ׃ לָכֵן כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת הִנְנִי פֹקֵד
עֲלֵיהֶם הַבַּחוּרִים יָמֻתוּ בַחֶרֶב בְּנֵיהֶם וּבְנוֹתֵיהֶם יָמֻתוּ
כג בָּרָעָב׃ וּשְׁאֵרִית לֹא תִהְיֶה לָהֶם כִּי־אָבִיא רָעָה אֶל־אַנְשֵׁי
עֲנָתוֹת שְׁנַת פְּקֻדָּתָם׃

## יב

א צַדִּיק אַתָּה יְהוָה כִּי אָרִיב אֵלֶיךָ אַךְ מִשְׁפָּטִים אֲדַבֵּר
אוֹתָךְ מַדּוּעַ דֶּרֶךְ רְשָׁעִים צָלֵחָה שָׁלוּ כָּל־בֹּגְדֵי בָגֶד׃
ב נְטַעְתָּם גַּם־שֹׁרָשׁוּ יֵלְכוּ גַּם־עָשׂוּ פֶרִי קָרוֹב אַתָּה בְּפִיהֶם
ג וְרָחוֹק מִכִּלְיוֹתֵיהֶם׃ וְאַתָּה יְהוָה יְדַעְתָּנִי תִּרְאֵנִי וּבָחַנְתָּ
לִבִּי אִתָּךְ הַתִּקֵם כְּצֹאן לְטִבְחָה וְהַקְדִּשֵׁם לְיוֹם הֲרֵגָה׃
ד עַד־מָתַי תֶּאֱבַל הָאָרֶץ וְעֵשֶׂב כָּל־הַשָּׂדֶה יִיבָשׁ
מֵרָעַת יֹשְׁבֵי־בָהּ סָפְתָה בְהֵמוֹת וָעוֹף כִּי אָמְרוּ לֹא יִרְאֶה
ה אֶת־אַחֲרִיתֵנוּ׃ כִּי אֶת־רַגְלִים ׀ רַצְתָּה וַיַּלְאוּךָ וְאֵיךְ תְּתַחֲרֶה
אֶת־הַסּוּסִים וּבְאֶרֶץ שָׁלוֹם אַתָּה בוֹטֵחַ וְאֵיךְ תַּעֲשֶׂה
ו בִּגְאוֹן הַיַּרְדֵּן׃ כִּי גַם־אַחֶיךָ וּבֵית־אָבִיךָ גַּם־הֵמָּה בָּגְדוּ
בָךְ גַּם־הֵמָּה קָרְאוּ אַחֲרֶיךָ מָלֵא אַל־תַּאֲמֵן בָּם כִּי־יְדַבְּרוּ

---

יא, טז׳ דגש אחר שורק

אַז בײַ דײַן שלעכטיקייט, דענסמאָל פרייסטו זיך.
16 אַ צווייגהאַפטיקער אײלבערטבוים,
שיין מיט פרוכט פיינע,
האָט גאָט גערופן דיין נאָמען;
אָבער מיט גרויס ליאַרעמגעפילדער
האָט ער אָנגעצונדן אַ פייער דערויף,
און זיינע צווייגן וועלן צעשטערט ווערן.
17 וואָרום גאָט פון צבָאוֹת, וואָס האָט דיך געפלאַנצט,
האָט אָנגעזאָגט שלעכטס אויף דיר,
פון וועגן דער שלעכטיקייט פון דעם הויז פון ישׂראל
און דעם הויז פון יהודה,
וואָס זיי האָבן ביי זיך געטאָן,
מיך צו דערצערענען מיט רייכערן צו בַעַל.

18 און גאָט האָט מיך געלאָזט וויסן, און איך ווייס;
דענסמאָל האָסטו מיר באַוויזן זייערע מעשׂים.
19 און איך בין געווען ווי אַ שאָף אַ מילדע,
וואָס ווערט צו דער שחיטה געפירט;
און איך האָב ניט געוווּסט
אַז זיי טראַכטן אויף מיר טראַכטונגען:
„לאָמיר אומברענגען דעם בוים מיט זיין פרוכט,
און אים פאַרשניידן פון לאַנד פון די לעבעדיקע,
אַז זיין נאָמען זאָל מער ניט גערעכט ווערן".
20 און דו גאָט פון צבָאוֹת וואָס משפּטסט גערעכט,
וואָס פרוּווסט די נירן און דאָס האַרץ,
לאָמיך זען דיין נקמה אויף זיי,
וואָרום צו דיר האָב איך אַנטפּלעקט מיין קריג.

21 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט אויף די לייט פון עֲנָתוֹת
וואָס זוכן דיין לעבן, אַזוי צו זאָגן:
זאָלסט ניט נביאות זאָגן אין נאָמען פון גאָט,
כדי זאָלסט ניט שטאַרבן פון אונדזער האַנט;
22 דרום האָט גאָט פון צבָאוֹת אַזוי געזאָגט:
זע, איך רעכן זיך אָפּ מיט זיי;
די יונגעלייט וועלן שטאַרבן פון שווערד,
זייערע זין און זייערע טעכטער וועלן שטאַרבן פון הונגער.
23 און קיין איבערבלייב וועט ניט זיין פון זיי,
וואָרום איך ברענג אַן אומגליק אויף די לייט פון עֲנָתוֹת,
דאָס יאָר פון זייער רעכנשאַפט.

## יב

1 גערעכט וועסטו בלייבן, גאָט,
ווען איך זאָל זיך קריגן מיט דיר;
אָבער גערעכטיקייט וויל איך רעדן צו דיר:
פאַרוואָס איז דער וועג פון רשעים מצליח?
פאַרוואָס לעבן רואיק אַלע פעלשער פאַלשע?
2 פלאַנצסט זיי, און זיי וואָרצלען זיך איין,
זיי גייען אויף און טראָגן פרוכט;
נאָנט ביסטו אין זייער מויל,
און ווייט פון זייערע נירן.
3 און דו, גאָט, קענסט מיך,
זעסט מיך, און האָסט געפּרוּווט מיין האַרץ צו דיר;
שלעפּ זיי אַוועק ווי שאָף צו דער שחיטה,
און גיב זיי אָפּ צום טאָג פון טייטונג.

4 ביז וואַנען וועט טרויערן דאָס לאַנד,
און דאָס גראָז פון גאַנצן פעלד וועט זיין פאַרטריקנט?
פון וועגן דער שלעכטיקייט פון די וווינער אין איר
זיינען אומגעקומען בהמות און פויגלען;
ווייל זיי האָבן געזאָגט:
ער זעט ניט אונדזער סוף.

5 אויב מיט פוסגייער ביסטו געלאָפן,
און זיי האָבן דיך מיד געמאַכט,
היינט ווי ווילסטו זיך מיט פערד פאַרמעסטן?
און ביסטו זיכער אין לאַנד פון פריד,
ווי וועסטו אָבער טאָן אין דעם געוועלד פון יַרדן?
6 וואָרום אַפילו דיינע ברידער אין דיין פאָטערס הויז,
אַפילו זיי האָבן געפעלשט אָן דיר,
אַפילו זיי האָבן דיר נאָכגעשריען מיט אַ פולער קעל;
ניט גלויב זיי ווען זיי רעדן גוט צו דיר.

אֱלֶיךָ טוֹבוֹת׃ עָזַבְתִּי אֶת־בֵּיתִי נָטַשְׁתִּי אֶת־נַחֲלָתִי ז
נָתַתִּי אֶת־יְדִדוּת נַפְשִׁי בְּכַף אֹיְבֶיהָ׃ הָיְתָה־לִּי נַחֲלָתִי ח
כְּאַרְיֵה בַיָּעַר נָתְנָה עָלַי בְּקוֹלָהּ עַל־כֵּן שְׂנֵאתִיהָ׃ הַעַיִט ט
צָבוּעַ נַחֲלָתִי לִי הַעַיִט סָבִיב עָלֶיהָ לְכוּ אִסְפוּ כָּל־חַיַּת
הַשָּׂדֶה הֵתָיוּ לְאָכְלָה׃ רֹעִים רַבִּים שִׁחֲתוּ כַרְמִי בֹּסְסוּ י
אֶת־חֶלְקָתִי נָתְנוּ אֶת־חֶלְקַת חֶמְדָּתִי לְמִדְבַּר שְׁמָמָה׃
שָׂמָהּ לִשְׁמָמָה אָבְלָה עָלַי שְׁמֵמָה נָשַׁמָּה כָּל־הָאָרֶץ כִּי יא
אֵין אִישׁ שָׂם עַל־לֵב׃ עַל־כָּל־שְׁפָיִם בַּמִּדְבָּר בָּאוּ שֹׁדְדִים יב
כִּי חֶרֶב לַיהוָה אֹכְלָה מִקְצֵה אֶרֶץ וְעַד־קְצֵה הָאָרֶץ אֵין
שָׁלוֹם לְכָל־בָּשָׂר׃ זָרְעוּ חִטִּים וְקֹצִים קָצָרוּ נֶחְלוּ יג
לֹא יוֹעִלוּ וּבֹשׁוּ מִתְּבוּאֹתֵיכֶם מֵחֲרוֹן אַף־יְהוָה׃
כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה עַל־כָּל־שְׁכֵנַי הָרָעִים הַנֹּגְעִים בַּנַּחֲלָה יד
אֲשֶׁר־הִנְחַלְתִּי אֶת־עַמִּי אֶת־יִשְׂרָאֵל הִנְנִי נֹתְשָׁם מֵעַל
אַדְמָתָם וְאֶת־בֵּית יְהוּדָה אֶתּוֹשׁ מִתּוֹכָם׃ וְהָיָה אַחֲרֵי טו
נָתְשִׁי אוֹתָם אָשׁוּב וְרִחַמְתִּים וַהֲשִׁבֹתִים אִישׁ לְנַחֲלָתוֹ
וְאִישׁ לְאַרְצוֹ׃ וְהָיָה אִם־לָמֹד יִלְמְדוּ אֶת־דַּרְכֵי עַמִּי לְהִשָּׁבֵעַ טז
בִּשְׁמִי חַי־יְהוָה כַּאֲשֶׁר לִמְּדוּ אֶת־עַמִּי לְהִשָּׁבֵעַ בַּבָּעַל וְנִבְנוּ
בְּתוֹךְ עַמִּי׃ וְאִם לֹא יִשְׁמָעוּ וְנָתַשְׁתִּי אֶת־הַגּוֹי הַהוּא נָתוֹשׁ יז
וְאַבֵּד נְאֻם־יְהוָה׃

יג

כֹּה־אָמַר יְהוָה אֵלַי הָלוֹךְ וְקָנִיתָ לְּךָ אֵזוֹר פִּשְׁתִּים וְשַׂמְתּוֹ א
עַל־מָתְנֶיךָ וּבַמַּיִם לֹא תְבִאֵהוּ׃ וָאֶקְנֶה אֶת־הָאֵזוֹר כִּדְבַר ב
יְהוָה וָאָשִׂם עַל־מָתְנָי׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי שֵׁנִית ג
לֵאמֹר׃ קַח אֶת־הָאֵזוֹר אֲשֶׁר קָנִיתָ אֲשֶׁר עַל־מָתְנֶיךָ ד
וְקוּם לֵךְ פְּרָתָה וְטָמְנֵהוּ שָׁם בִּנְקִיק הַסָּלַע׃ וָאֵלֵךְ ה
וָאֶטְמְנֵהוּ בִּפְרָת כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אוֹתִי׃ וַיְהִי ו
מִקֵּץ יָמִים רַבִּים וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי קוּם לֵךְ פְּרָתָה וְקַח

---

יב, יא׳ דמי בטרי   יג׳ קמץ בז״ק

7 איך האָב פֿאַרלאָזן מיין הויז,
איך האָב אַוועקגעוואָרפֿן מיין אַרבֿ;
איך האָב איבערגעגעבֿן די געליבטע פֿון מיין זעל
אין דער האַנט פֿון אירע פֿיינט.
8 מיין אַרבֿ איז מיר געוואָרן ווי אַ לייבֿ אין וואַלד,
זי האָט אויפֿגעהויבֿן איר קול אויף מיר,
דרום האָבֿ איך זי פֿיינט געקראָגן.
9 איז אַ קלויאיקער רויבֿפֿויגל מיין אַרבֿ מיר?
די רויבֿפֿויגלען זיינען רונד אַרום איר;
גייט זאַמלט אַלע חיות פֿון פֿעלד,
בֿרענגט זיי אַהער צו עסן.

10 פֿיל פֿאַסטוכער האָבֿן פֿאַרדאָרבֿן מיין ווייגאָרטן,
צעטרעטן מיין פֿעלד;
זיי האָבֿן געמאַכט מיין גלוסטיק פֿעלד
פֿאַר אַ מדבר אַ וויסטן.
11 מע האָט עס געמאַכט פֿאַר אַ וויסטעניש,
עס טרויערט צו מיר וויסטערהייט;
פֿאַרוויסט איז דאָס גאַנצע לאַנד,
וואָרום קיין מענטש נעמט ניט צום האַרצן.
12 אויף אַלע הויכע ערטער אין מדבר
זיינען פֿאַרוויסטער געקומען,
וואָרום גאָטס שווערד פֿאַרצערט פֿון עק לאַנד ביז עק
לאַנד,
ניטאָ קיין פֿריד פֿאַר קיין לייבֿ.
13 זיי האָבֿן געזייט ווייץ, און דערנער געשניטן,
זיך געפּלאָגט–קיין נוץ ניט געבֿראַכט;
דרום שעמט אייך מיט אייערע תּבֿואות,
פֿון וועגן דעם גרימצאָרן פֿון גאָט.

14 אַזוי האָט גאָט געזאָגט–אויף אַלע מיינע בייזע
שכנים, וואָס רירן אָן די אַרבֿ וואָס איך האָבֿ געמאַכט
אַרבֿן מיין פֿאָלק ישׂראל:
זע, איך רייס זיי אויס פֿון זייער ערד,
און דאָס הויז פֿון יהודה וועל איך אויסרייסן פֿון צווישן זיי.

15 און עס וועט זיין,
נאָכדעם ווי איך רייס זיי אויס
וועל איך זיי ווידער דערבֿאַרימען,
און וועל זיי אומקערן איטלעכן צו זיין נחלה,
און איטלעכן צו זיין לאַנד.
16 און עס וועט זיין,
אויבֿ לערנען וועלן זיי לערנען
די וועגן פֿון מיין פֿאָלק,
צו שווערן ביי מיין נאָמען: „אַזוי ווי יהוה לעבֿט!"
אַזוי ווי זיי האָבֿן געלערנט מיין פֿאָלק צו שווערן ביי בעל,
וועלן זיי אויפֿגעריכט ווערן צווישן מיין פֿאָלק.
17 אויבֿ אָבֿער זיי וועלן ניט צוהערן,
וועל איך אויסרייסן יענע אומה,
אויסרייסן און אונטערבֿרענגען, זאָגט גאָט.

יג [1] אַזוי האָט גאָט צו מיר געזאָגט: גיי און זאָלסט דיר קויפֿן אַ פֿלאַקסענעם גאַרטל, און אים אָנטאָן אויף דיינע לענדן, און אין וואַסער זאָלסטו אים ניט לאָזן קומען. [2] האָבֿ איך געקויפֿט דעם גאַרטל אַזוי ווי דאָס וואָרט פֿון גאָט, און אָנגעטאָן אויף מיינע לענדן. [3] און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו מיר אַ צווייט מאָל, אַזוי צו זאָגן: [4] נעם דעם גאַרטל וואָס דו האָסט געקויפֿט, וואָס אויף דיינע לענדן, און שטיי אויף, גיי דיר קיין פּרת, און בֿאַהאַלט אים דאָרטן אין אַ שפּאַלט פֿון פֿעלז. [5] בין איך געגאַנגען און האָבֿ אים בֿאַהאַלטן אין פּרת, אַזוי ווי גאָט האָט מיר בֿאַפֿוילן. [6] און עס איז געווען צום סוף פֿון פֿיל טעג, האָט גאָט צו מיר געזאָגט: שטיי אויף, גיי קיין פּרת, און נעם אַרויס פֿון דאָרטן

ז מִשָּׁם אֶת־הָאֵזוֹר אֲשֶׁר־צִוִּיתִיךָ לְטָמְנוֹ־שָׁם׃ וָאֵלֵךְ פְּרָתָה
וָאֶחְפֹּר וָאֶקַּח אֶת־הָאֵזוֹר מִן־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־טְמַנְתִּיו שָׁמָּה
ח וְהִנֵּה נִשְׁחַת הָאֵזוֹר לֹא יִצְלַח לַכֹּל׃ וַיְהִי דְבַר־
ט יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ כֹּה אָמַר יְהוָה כָּכָה אַשְׁחִית אֶת־
י גְּאוֹן יְהוּדָה וְאֶת־גְּאוֹן יְרוּשָׁלִַם הָרָב׃ הָעָם הַזֶּה הָרָע
הַמֵּאֲנִים ׀ לִשְׁמוֹעַ אֶת־דְּבָרַי הַהֹלְכִים בִּשְׁרִרוּת לִבָּם
וַיֵּלְכוּ אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים לְעָבְדָם וּלְהִשְׁתַּחֲוֺת לָהֶם
יא וִיהִי כָּאֵזוֹר הַזֶּה אֲשֶׁר לֹא־יִצְלַח לַכֹּל׃ כִּי כַּאֲשֶׁר יִדְבַּק
הָאֵזוֹר אֶל־מָתְנֵי־אִישׁ כֵּן הִדְבַּקְתִּי אֵלַי אֶת־כָּל־בֵּית
יִשְׂרָאֵל וְאֶת־כָּל־בֵּית יְהוּדָה נְאֻם־יְהוָה לִהְיוֹת לִי לְעָם
יב וּלְשֵׁם וְלִתְהִלָּה וּלְתִפְאָרֶת וְלֹא שָׁמֵעוּ׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם
אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כָּל־נֵבֶל
יִמָּלֵא יָיִן וְאָמְרוּ אֵלֶיךָ הֲיָדֹעַ לֹא נֵדַע כִּי כָל־נֵבֶל יִמָּלֵא
יג יָיִן׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה־אָמַר יְהוָה הִנְנִי מְמַלֵּא
אֶת־כָּל־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ הַזֹּאת וְאֶת־הַמְּלָכִים הַיֹּשְׁבִים לְדָוִד
עַל־כִּסְאוֹ וְאֶת־הַכֹּהֲנִים וְאֶת־הַנְּבִאִים וְאֵת כָּל־יֹשְׁבֵי
יד יְרוּשָׁלִָם שִׁכָּרוֹן׃ וְנִפַּצְתִּים אִישׁ אֶל־אָחִיו וְהָאָבוֹת וְהַבָּנִים
יַחְדָּו נְאֻם־יְהוָה לֹא־אֶחְמוֹל וְלֹא־אָחוּס וְלֹא אֲרַחֵם
טו מֵהַשְׁחִיתָם׃ שִׁמְעוּ וְהַאֲזִינוּ אַל־תִּגְבָּהוּ כִּי יְהוָה דִּבֵּר׃
טז תְּנוּ לַיהוָה אֱלֹהֵיכֶם כָּבוֹד בְּטֶרֶם יַחְשִׁךְ וּבְטֶרֶם יִתְנַגְּפוּ
רַגְלֵיכֶם עַל־הָרֵי נָשֶׁף וְקִוִּיתֶם לְאוֹר וְשָׂמָהּ לְצַלְמָוֶת
יז יָשִׁית לַעֲרָפֶל׃ וְאִם לֹא תִשְׁמָעוּהָ בְּמִסְתָּרִים תִּבְכֶּה־
נַפְשִׁי מִפְּנֵי גֵוָה וְדָמֹעַ תִּדְמַע וְתֵרַד עֵינִי דִּמְעָה כִּי נִשְׁבָּה
יח עֵדֶר יְהוָה׃ אֱמֹר לַמֶּלֶךְ וְלַגְּבִירָה הַשְׁפִּילוּ שֵׁבוּ
יט כִּי יָרַד מַרְאֲשׁוֹתֵיכֶם עֲטֶרֶת תִּפְאַרְתְּכֶם׃ עָרֵי הַנֶּגֶב סֻגְּרוּ
וְאֵין פֹּתֵחַ הָגְלָת יְהוּדָה כֻּלָּהּ הָגְלָת שְׁלוֹמִים׃
כ שְׂאִי עֵינֵיכֶם וּרְאִי הַבָּאִים מִצָּפוֹן אַיֵּה הָעֵדֶר נִתַּן־לָךְ צֹאן

יג׳ קמץ בטרחא טז׳ ושית ק כ׳ שאו ק וראו ק

דעם גאַרטל, וואָס איך האָב דיר באַפוילן אים דאָרטן
צו באַהאַלטן. ‎7 בין איך געגאַנגען קיין פּרָת, און האָב
אויפגעגראָבן, און אַרויסגענומען דעם גאַרטל פון דעם
אָרט וואָס איך האָב אים דאָרטן באַהאַלטן; ערשט דער
גאַרטל איז געווען פאַרדאָרבן, ער האָט ניט געטויגט צו
קיין זאַך. ‎8 איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו מיר, אַזוי
צו זאָגן:
‎9 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אַזוי וועל איך פאַרדאַרבן דעם שטאָלץ פון יהודה,
און דעם שטאָלץ פון ירושָלַיִם, דעם גרויסן.
‎10 דאָסדאָזיקע בייזע פאָלק
וואָס ווילן ניט הערן מיינע ווערטער,
וואָס גייען אין דער אַיינגעשפאַרטקייט פון זייער האַרצן,
און זיינען געגאַנגען נאָך פרעמדע געטער
זיי צו דינען, און זיך צו בוקן צו זיי,
וועלן ווערן ווי דערדאָזיקער גאַרטל
וואָס טויג ניט צו קיין זאַך.
‎11 וואָרום אַזוי ווי דער גאַרטל איז באַהעפט
צו די לענדן פון אַ מאַן,
אַזוי האָב איך באַהעפט צו מיר דאָס גאַנצע הויז פון
ישׂראל,
און דאָס גאַנצע הויז פון יהודה, זאָגט גאָט,
מיר צו זיין פאַר אַ פאָלק,
און פאַר אַ נאָמען, און פאַר אַ לויב, און פאַר אַ שיינקייט;
אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט.
‎12 און זאָלסט זאָגן צו זיי דאָסדאָזיקע וואָרט:
אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל:
יעטוועדער קרוג ווערט אָנגעפילט מיט וויין.
און אַז זיי וועלן זאָגן צו דיר:
ווייסן מיר דען ניט וויל,
אַז יעטוועדער קרוג ווערט אָנגעפילט מיט וויין?
‎13 זאָלסטו זאָגן צו זיי: אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, איך פיל אָן אַלע באַוווינער פון דעמדאָזיקן לאַנד,
און די מלכים וואָס זיצן פון דודן אויף זיין טראָן,
און די כּהנים, און די נביאים,
און אַלע באַוווינער פון ירושָלַיִם, מיט שיכּרות.
‎14 און איך וועל זיי צעהאַקן איינעם אָן אַנדערן,
אי די פאָטערס אי די זין אין איינעם, זאָגט גאָט;
איך וועל ניט שוינען, און ניט דערבאַרימען,
און ניט רחמנות האָבן, זיי ניט אומצוברענגען.
‎15 הערט און לייגט צו דאָס אויער,
איר זאָלט אייך ניט דערהייבן,
וואָרום גאָט האָט גערעדט;
‎16 גיט כּבוד צו יהוה אייער גאָט,
איידער עס וועט פינצטער ווערן,
און איידער אייערע פיס וועלן זיך אָפּשלאָגן
אויף די נאַכטיקע בערג,
און איר וועט האָפן אויף ליכט,
און ער וועט עס מאַכן צו טויטשאָטן,
און פאַרקערן אין חושכניש.
‎17 און אַז איר וועט דאָס ניט צוהערן,
וועט וויינען אין פאַרבאָרגעניש מיין זעל
פון וועגן דער האָפערדיקייט,
און טרערן וועט טרערן,
און צעגיין וועט אין טרערן, מיין אויג,
וואָס די סטאַדע פון גאָט ווערט געפאַנגען.
‎18 זאָג צו דעם מלך און צו דער מוטער־מלכּה:
זעצט אייך אַראָפּ נידעריק,
וואָרום גענידערט האָט אייער קאָפּצירונג,
אייער פּראַכטיקע קרוין.
‎19 די שטעט פון דָרום זיינען פאַרשלאָסן,
און ניטאָ ווער זאָל עפענען;
גאַנץ יהודה איז פאַרטריבן געוואָרן,
פאַרטריבן געוואָרן אין גאַנצן.
‎20 הייבט אויף אייערע אויגן, און זעט
די וואָס קומען פון צָפון;
ווו איז די סטאַדע וואָס איז דיר געגעבן געוואָרן?
די שיינע שאָף דיינע?

כא תִּפְאַרְתֵּךְ׃ מַה־תֹּאמְרִי כִּי־יִפְקֹד עָלַיִךְ וְאַתְּ לִמַּדְתְּ אֹתָם
עָלַיִךְ אַלֻּפִים לְרֹאשׁ הֲלוֹא חֲבָלִים יֹאחֵזוּךְ כְּמוֹ אֵשֶׁת לֵדָה׃
כב וְכִי תֹאמְרִי בִּלְבָבֵךְ מַדּוּעַ קְרָאֻנִי אֵלֶּה בְּרֹב עֲוֺנֵךְ נִגְלוּ
כג שׁוּלַיִךְ נֶחְמְסוּ עֲקֵבָיִךְ׃ הֲיַהֲפֹךְ כּוּשִׁי עוֹרוֹ וְנָמֵר חֲבַרְבֻּרֹתָיו
כד גַּם־אַתֶּם תּוּכְלוּ לְהֵיטִיב לִמֻּדֵי הָרֵעַ׃ וַאֲפִיצֵם כְּקַשׁ עוֹבֵר
כה לְרוּחַ מִדְבָּר׃ זֶה גוֹרָלֵךְ מְנָת־מִדַּיִךְ מֵאִתִּי נְאֻם־יְהוָה אֲשֶׁר
כו שָׁכַחַתְּ אוֹתִי וַתִּבְטְחִי בַּשָּׁקֶר׃ וְגַם־אֲנִי חָשַׂפְתִּי שׁוּלַיִךְ עַל־
כז פָּנָיִךְ וְנִרְאָה קְלוֹנֵךְ׃ נִאֻפַיִךְ וּמִצְהֲלוֹתַיִךְ זִמַּת זְנוּתֵךְ עַל־
גְּבָעוֹת בַּשָּׂדֶה רָאִיתִי שִׁקּוּצָיִךְ אוֹי לָךְ יְרוּשָׁלַםִ לֹא תִטְהֲרִי
אַחֲרֵי מָתַי עֹד׃

יד

אֲשֶׁר הָיָה דְבַר־יְהוָה אֶל־יִרְמְיָהוּ עַל־דִּבְרֵי הַבַּצָּרוֹת׃ א
אָבְלָה יְהוּדָה וּשְׁעָרֶיהָ אֻמְלְלוּ קָדְרוּ לָאָרֶץ וְצִוְחַת ב
יְרוּשָׁלַםִ עָלָתָה׃ וְאַדִּרֵיהֶם שָׁלְחוּ צְעוֹרֵיהֶם לַמָּיִם בָּאוּ ג
עַל־גֵּבִים לֹא־מָצְאוּ מַיִם שָׁבוּ כְלֵיהֶם רֵיקָם בֹּשׁוּ וְהָכְלְמוּ
וְחָפוּ רֹאשָׁם׃ בַּעֲבוּר הָאֲדָמָה חַתָּה כִּי לֹא־הָיָה גֶשֶׁם ד
בָּאָרֶץ בֹּשׁוּ אִכָּרִים חָפוּ רֹאשָׁם׃ כִּי גַם־אַיֶּלֶת בַּשָּׂדֶה ה
יָלְדָה וְעָזוֹב כִּי לֹא־הָיָה דֶּשֶׁא׃ וּפְרָאִים עָמְדוּ עַל־שְׁפָיִם ו
שָׁאֲפוּ רוּחַ כַּתַּנִּים כָּלוּ עֵינֵיהֶם כִּי־אֵין עֵשֶׂב׃ אִם־עֲוֺנֵינוּ ז
עָנוּ בָנוּ יְהוָה עֲשֵׂה לְמַעַן שְׁמֶךָ כִּי־רַבּוּ מְשׁוּבֹתֵינוּ לְךָ
חָטָאנוּ׃ מִקְוֵה יִשְׂרָאֵל מוֹשִׁיעוֹ בְּעֵת צָרָה לָמָּה תִהְיֶה ח
כְּגֵר בָּאָרֶץ וּכְאֹרֵחַ נָטָה לָלוּן׃ לָמָּה תִהְיֶה כְּאִישׁ נִדְהָם ט
כְּגִבּוֹר לֹא־יוּכַל לְהוֹשִׁיעַ וְאַתָּה בְקִרְבֵּנוּ יְהוָה וְשִׁמְךָ
עָלֵינוּ נִקְרָא אַל־תַּנִּחֵנוּ׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה לָעָם הַזֶּה י
כֵּן אָהֲבוּ לָנוּעַ רַגְלֵיהֶם לֹא חָשָׂכוּ וַיהוָה לֹא רָצָם עַתָּה
יִזְכֹּר עֲוֺנָם וְיִפְקֹד חַטֹּאתָם׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי יא
אַל־תִּתְפַּלֵּל בְּעַד־הָעָם הַזֶּה לְטוֹבָה׃ כִּי יָצֻמוּ אֵינֶנִּי שֹׁמֵעַ יב

יד, ב׳ צ׳ זעירא   ג׳ צעירידם קרי

21 וואָס וועסטו זאָגן ווען ער וועט אָנזעצן אויף דיר,
די וואָס דו האָסט זיי אַיינגעוווינט פאַר פירשטן איבער דיר?
פאַרוואָר, ווייען וועלן דיך אָנגעמען,
ווי אַ פרוי צו קינד.

22 און אויב דו וועסט זאָגן אין דיין האַרצן:
פאַרוואָס האָט דאָס מיר געטראָפן?
פאַר דיין גרויס זינד זיינען אויפגעדעקט געוואָרן דיינע ברעגן,
אַנטבלויזט געוואָרן דיינע טריט.

23 קען אַ כּושי בייטן זיין הויט,
און אַ לעמפּערט זיינע פלעקן?
אַזוי קענט איר גוטס טאָן,
איר צוגעוווינטע בייז צו טאָן.

24 דרום וועל איך זיי צעשפּרייטן ווי שפּריי וואָס פאַרגייט
פאַרן ווינט פון מדבר.

25 דאָס איז דיין גורל,
דיין צוגעמאָסטענער טייל פון מיר, זאָגט גאָט,
ווייל דו האָסט פאַרגעסן אָן מיר,
און זיך פאַרזיכערט אויף ליגן.

26 דרום דעק איך אויך אויף דיינע ברעגן איבער דיין פּנים,
און געזען ווערן וועט דיין שאַנד.

27 דיין ניאוף און דיינע הירזשעס,
די שענדלעכקייט פון דיין זנות—
אויף די הייכן אין פעלד
האָב איך געזען דיינע אומווערדיקייטן.
וויי דיר, ירושָלַיִם, ווילסט ניט ריין ווערן!
ביז איבער וואַנען נאָך?

**יד** 1 וואָס דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו יִרמְיָהון
ווען די טריקעניש.

2 עס טרויערט יהודה,
און אירע טויערן זיינען פאַרשמאַכט,
זיי זיינען פינצטער צו דער ערד;
און דאָס געשריי פון ירושָלַיִם גייט אויף.

3 און זייערע פּנֵי שיקן זייערע יונגען נאָך וואַסער;
זיי קומען צו די גריבער, געפינען זיי ניט קיין וואַסער,
זייערע כּלים קערן זיך אום ליידיק;
זיי זיינען אין בּיוש און פאַרשעמט,
און פאַרדעקן זייערע קעפּ.

4 פון וועגן דער ערד וואָס איז צעפּלאַצט,
ווייל קיין רעגן איז ניטאָ אין לאַנד,
זיינען די אַקערלייט אין בּיוש,
זיי פאַרדעקן זייערע קעפּ.

5 וואָרום אַפילו אַ הינדין אין פעלד געבערט און פאַרלאָזט,
ווייל קיין גראָז איז ניטאָ.

6 און די ווילדע אייזלען שטייען אויף די הויכע ערטער,
זיי שלינגען דעם ווינט ווי שאַקאַלן;
זייערע אויגן גייען אויס,
ווייל קיין קרייטעכץ איז ניטאָ.

7 אויב אונדזערע זינד זאָגן עדות קעגן אונדז,
גאָט, טו פון דיין נאָמען וועגן;
וואָרום פיל זיינען אונדזערע אָפּקערונגען,
מיר האָבן געזינדיקט צו דיר.

8 דו האָפענונג פון ישׂראל,
זיין העלפער אין צייט פון נויט,
פאַרוואָס זאָלסטו זיין ווי אַ פרעמדער אין לאַנד,
און ווי אַ וואַנדערער וואָס פאַרקערט צו נעכטיקן?

9 פאַרוואָס זאָלסטו זיין ווי אַ צעטומלטער מענטש,
ווי אַ גיבּור וואָס קען ניט העלפן?
דו ביסט דאָך צווישן אונדז, גאָט,
און דיין נאָמען ווערט גערופן אויף אונדז;
ניט טו אונדז פאַרלאָזן.

10 אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו דעמדאָזיקן פאָלק:
אַזוי האָבן זיי ליב אומצוּוואַנדערן,
זיי האַלטן ניט אָפּ זייערע פיס;
דרום באַוויליקט זיי ניט גאָט;
אַצונד וועט ער געדענקען זייער פאַרברעך,
און דערמאָנען זייערע זינד.

11 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט:
זאָלסט ניט מתפּלל זיין פאַר דעם דאָזיקן פאָלק צום גוטן.

12 אַז זיי פאַסטן, הער איך ניט צו זייער געשריי,

אֶל־רִנָּתָם וְכִי יַעֲלוּ עֹלָה וּמִנְחָה אֵינֶנִּי רֹצָם כִּי בַּחֶרֶב
יג וּבָרָעָב וּבַדֶּבֶר אָנֹכִי מְכַלֶּה אוֹתָם׃ וָאֹמַר אֲהָהּ ׀ אֲדֹנָי
יֱהֹוִה הִנֵּה הַנְּבִאִים אֹמְרִים לָהֶם לֹא־תִרְאוּ חֶרֶב וְרָעָב
לֹא־יִהְיֶה לָכֶם כִּי־שְׁלוֹם אֱמֶת אֶתֵּן לָכֶם בַּמָּקוֹם הַזֶּה׃
יד וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי שֶׁקֶר הַנְּבִאִים נִבְּאִים בִּשְׁמִי
לֹא שְׁלַחְתִּים וְלֹא צִוִּיתִים וְלֹא דִבַּרְתִּי אֲלֵיהֶם חֲזוֹן שֶׁקֶר
וְקֶסֶם וֶאֱלוֹל וְתַרְמוּת לִבָּם הֵמָּה מִתְנַבְּאִים לָכֶם׃
טו לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה עַל־הַנְּבִאִים הַנִּבְּאִים בִּשְׁמִי וַאֲנִי לֹא־
שְׁלַחְתִּים וְהֵמָּה אֹמְרִים חֶרֶב וְרָעָב לֹא יִהְיֶה בָּאָרֶץ הַזֹּאת
טז בַּחֶרֶב וּבָרָעָב יִתַּמּוּ הַנְּבִאִים הָהֵמָּה׃ וְהָעָם אֲשֶׁר־הֵמָּה
נִבְּאִים לָהֶם יִהְיוּ מֻשְׁלָכִים בְּחֻצוֹת יְרוּשָׁלִַם מִפְּנֵי ׀ הָרָעָב
וְהַחֶרֶב וְאֵין מְקַבֵּר לָהֵמָּה הֵמָּה נְשֵׁיהֶם וּבְנֵיהֶם וּבְנֹתֵיהֶם
יז וְשָׁפַכְתִּי עֲלֵיהֶם אֶת־רָעָתָם׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם אֶת־הַדָּבָר
הַזֶּה תֵּרַדְנָה עֵינַי דִּמְעָה לַיְלָה וְיוֹמָם וְאַל־תִּדְמֶינָה כִּי
שֶׁבֶר גָּדוֹל נִשְׁבְּרָה בְּתוּלַת בַּת־עַמִּי מַכָּה נַחְלָה מְאֹד׃
יח אִם־יָצָאתִי הַשָּׂדֶה וְהִנֵּה חַלְלֵי־חֶרֶב וְאִם בָּאתִי הָעִיר
וְהִנֵּה תַּחֲלוּאֵי רָעָב כִּי־גַם־נָבִיא גַם־כֹּהֵן סָחֲרוּ אֶל־אֶרֶץ
יט וְלֹא יָדָעוּ׃ הֲמָאֹס מָאַסְתָּ אֶת־יְהוּדָה אִם־בְּצִיּוֹן
גָּעֲלָה נַפְשֶׁךָ מַדּוּעַ הִכִּיתָנוּ וְאֵין לָנוּ מַרְפֵּא קַוֵּה לְשָׁלוֹם
כ וְאֵין טוֹב וּלְעֵת מַרְפֵּא וְהִנֵּה בְעָתָה׃ יָדַעְנוּ יְהוָה רִשְׁעֵנוּ
כא עֲוֹן אֲבוֹתֵינוּ כִּי חָטָאנוּ לָךְ׃ אַל־תִּנְאַץ לְמַעַן שִׁמְךָ
אַל־תְּנַבֵּל כִּסֵּא כְבוֹדֶךָ זְכֹר אַל־תָּפֵר בְּרִיתְךָ אִתָּנוּ׃
כב הֲיֵשׁ בְּהַבְלֵי הַגּוֹיִם מַגְשִׁמִים וְאִם־הַשָּׁמַיִם יִתְּנוּ רְבִבִים
הֲלֹא אַתָּה־הוּא יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וּנְקַוֶּה־לָּךְ כִּי־אַתָּה עָשִׂיתָ
אֶת־כָּל־אֵלֶּה׃

טו

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי אִם־יַעֲמֹד מֹשֶׁה וּשְׁמוּאֵל לְפָנַי אֵין

---

יד, יד׳ ואליל קרי ותרמית קרי

און אַז זיי ברענגען אויף בראַנדאָפּפער און שפּייזאָפּפער,
באַוויליק איך זיי ניט;
נייערט מיט שווערד און מיט הונגער און מיט פּעסט
טו איך זיי פאַרלענדן.

13 האָב איך געזאָגט: ווי, גאָט דו האַר, זע, די נביאים זאָגן
צו זיי: איר וועט ניט אָנזען קיין שווערד, און קיין הונגער
וועט בײַ אײַך ניט זײַן, וואָרום אַ זיכערן שלום וועל איך
אײַך געבן אין דעמדאָזיקן אָרט.

14 האָט גאָט צו מיר געזאָגט:
ליגן זאָגן נביאים די נביאות אין מײַן נאָמען;
ניט איך האָב זיי געשיקט,
און ניט איך האָב זיי באַפוילן,
און ניט איך האָב צו זיי גערעדט;
זעאונג פון ליגן, און וואָרזאָגעכץ און נישטיקייט,
און באַטרוג פון זייער האַרצן, זאָגן זיי אײַך נביאות.

15 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט—
אויף די נביאים וואָס זאָגן נביאות אין מײַן נאָמען,
ווען איך האָב זיי ניט געשיקט,
און זיי זאָגן: קיין שווערד און קיין הונגער
וועט ניט זײַן אין דעמדאָזיקן לאַנד—
פון שווערד און פון הונגער
וועלן פאַרלענדט ווערן יענע נביאים.

16 און דאָס פאָלק וואָס זיי זאָגן נביאות צו זיי,
וועלן ליגן אַוועקגעוואָרפן אין די גאַסן פון ירושָלַיִם
פון וועגן דעם הונגער און דער שווערד,
און זיי וועלן קיין באַגרעבער ניט האָבן;
זיי, זייערע ווײַבער, און זייערע זין, און זייערע טעכטער;
און איך וועל אויסגיסן אויף זיי זייער שלעכטיקייט.

17 און זאָלסט זאָגן צו זיי דאָסדאָזיקע וואָרט:
צעגיין זאָלן מײַנע אויגן אין טרערן
טאָג און נאַכט, און ניט אויפהערן,
וואָרום אַ גרויס בראָך איז צעבראָכן געוואָרן
די יונגפרוי טאָכטער מײַן פאָלק;
אַ שווערן שלאַק ביז גאָר.

18 אַז איך גיי אַרויס אין פעלד,
ערשט, דערשלאָגענע פון שווערד;
און אַז איך קום אַרײַן אין שטאָט,
ערשט, יסורים פון הונגער.
וואָרום אי דער נביא אי דער כֹּהן
דרייען זיך איבערן לאַנד, און ווייסן גאָרנישט.

19 האָסטו פאַראַכטן פאַראַכט יהודה?
צי האָט זיך פון ציון פאַרעקלט דײַן זעל?
פאַרוואָס האָסטו אונדז געשלאָגן,
אַז פאַר אונדז איז קיין היילונג ניטאָ?
געהאָפט אויף שלום,
און קיין גוטס איז ניטאָ;
און אויף אַ צייט פון היילונג,
ערשט אַ שרעקעניש!

20 מיר ווייסן, גאָט, אונדזער שלעכטיקייט,
די זינד פון אונדזערע עלטערן;
וואָרום מיר האָבן געזינדיקט צו דיר.

21 ניט פאַראַכט אונדז פון דײַן נאָמען וועגן,
ניט שענד דעם טראָן פון דײַן כּבוד;
דערמאָן זיך, זאָלסט ניט פאַרשטערן דײַן בונד מיט אונדז.

22 זײַנען דאָ צווישן די נישטיקע געצן פון די פעלקער רעגנ־
געבער?
אָדער גיבן די הימלען אַליין שפּריירעגן?
פאַרוואָר, דו ביסט יהוה אונדזער גאָט,
און מיר האָפן צו דיר,
וואָרום דו מאַכסט דאָס אַלץ.

## טו

1 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט:
ווען אויפשטיין זאָל משה און שמואל פאַר מיר,

נַפְשִׁי אֶל־הָעָם הַזֶּה שַׁלַּח מֵעַל־פָּנַי וְיֵצֵאוּ׃ וְהָיָה כִּי־
ב יֹאמְרוּ אֵלֶיךָ אָנָה נֵצֵא וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה־אָמַר יְהוָה
אֲשֶׁר לַמָּוֶת לַמָּוֶת וַאֲשֶׁר לַחֶרֶב לַחֶרֶב וַאֲשֶׁר לָרָעָב
ג לָרָעָב וַאֲשֶׁר לַשְּׁבִי לַשֶּׁבִי׃ וּפָקַדְתִּי עֲלֵיהֶם אַרְבַּע
מִשְׁפָּחוֹת נְאֻם־יְהוָה אֶת־הַחֶרֶב לַהֲרֹג וְאֶת־הַכְּלָבִים
לִסְחֹב וְאֶת־עוֹף הַשָּׁמַיִם וְאֶת־בֶּהֱמַת הָאָרֶץ לֶאֱכֹל
ד וּלְהַשְׁחִית׃ וּנְתַתִּים לְזַוָעָה לְכֹל מַמְלְכוֹת הָאָרֶץ בִּגְלַל
מְנַשֶּׁה בֶן־יְחִזְקִיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה עַל אֲשֶׁר־עָשָׂה בִּירוּשָׁלִָם׃
ה כִּי מִי־יַחְמֹל עָלַיִךְ יְרוּשָׁלִַם וּמִי יָנוּד לָךְ וּמִי יָסוּר
ו לִשְׁאֹל לְשָׁלֹם לָךְ׃ אַתְּ נָטַשְׁתְּ אֹתִי נְאֻם־יְהוָה אָחוֹר
תֵּלֵכִי וָאַט אֶת־יָדִי עָלַיִךְ וָאַשְׁחִיתֵךְ נִלְאֵיתִי הִנָּחֵם׃
ז וָאֶזְרֵם בְּמִזְרֶה בְּשַׁעֲרֵי הָאָרֶץ שִׁכַּלְתִּי אִבַּדְתִּי אֶת־עַמִּי
ח מִדַּרְכֵיהֶם לוֹא שָׁבוּ׃ עָצְמוּ־לִי אַלְמְנוֹתָו מֵחוֹל יַמִּים
הֵבֵאתִי לָהֶם עַל־אֵם בָּחוּר שֹׁדֵד בַּצָּהֳרָיִם הִפַּלְתִּי עָלֶיהָ
ט פִּתְאֹם עִיר וּבֶהָלוֹת׃ אֻמְלְלָה יֹלֶדֶת הַשִּׁבְעָה נָפְחָה נַפְשָׁהּ
בָּאה שִׁמְשָׁהּ בְּעֹד יוֹמָם בּוֹשָׁה וְחָפֵרָה וּשְׁאֵרִיתָם לַחֶרֶב
י אֶתֵּן לִפְנֵי אֹיְבֵיהֶם נְאֻם־יְהוָה׃ אוֹי־לִי אִמִּי כִּי
יְלִדְתִּנִי אִישׁ רִיב וְאִישׁ מָדוֹן לְכָל־הָאָרֶץ לֹא־נָשִׁיתִי וְלֹא־
יא נָשׁוּ־בִי כֻּלֹּה מְקַלְלַונִי׃ אָמַר יְהוָה אִם־לֹא שֵׁרוֹתִךָ לְטוֹב
אִם־לוֹא ׀ הִפְגַּעְתִּי בְךָ בְּעֵת־רָעָה וּבְעֵת צָרָה אֶת־הָאֹיֵב׃
יב יג הֲיָרֹעַ בַּרְזֶל ׀ בַּרְזֶל מִצָּפוֹן וּנְחֹשֶׁת׃ חֵילְךָ וְאוֹצְרוֹתֶיךָ
לָבַז אֶתֵּן לֹא בִמְחִיר וּבְכָל־חַטֹּאותֶיךָ וּבְכָל־גְּבוּלֶיךָ׃
יד וְהַעֲבַרְתִּי אֶת־אֹיְבֶיךָ בְּאֶרֶץ לֹא יָדָעְתָּ כִּי־אֵשׁ קָדְחָה
טו בְאַפִּי עֲלֵיכֶם תּוּקָד׃ אַתָּה יָדַעְתָּ יְהוָה זָכְרֵנִי
וּפָקְדֵנִי וְהִנָּקֶם לִי מֵרֹדְפַי אַל־לְאֶרֶךְ אַפְּךָ תִּקָּחֵנִי דַּע
טז שְׂאֵתִי עָלֶיךָ חֶרְפָּה׃ נִמְצְאוּ דְבָרֶיךָ וָאֹכְלֵם וַיְהִי דְבָרְיךָ
לִי לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחַת לְבָבִי כִּי־נִקְרָא שִׁמְךָ עָלַי יְהוָה

איז מיין זעל ניט מיט דעמדאָזיקן פאָלק;
שיק זיי אַוועק פון מיין פנים, און זאָלן זיי אַוועקגיין.
2 און עס וועט זיין, אַז זיי וועלן זאָגן צו דיר:
ווּהין זאָלן מיר אַוועקגיין?
זאָלסטו זאָגן צו זיי:
אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
ווער צום טויט, צום טויט,
און ווער צום שווערד, צום שווערד,
און ווער צום הונגער, צום הונגער,
און ווער צו געפאַנגענשאַפט, צו געפאַנגענשאַפט.
3 און איך וועל אָנזעצן אויף זיי פיר משפחות,
זאָגט גאָט:
די שווערד צו הרגען, און די הינט צו שלעפּן,
און דעם פויגל פון הימל, און די חיה פון דער ערד,
צו עסן און אומצוברענגען.
4 און איך וועל זיי מאַכן צו שוידער
ביי אַלע קיניגרייכן פון דער ערד,
פון וועגן מנשה דעם זון פון יחִזקִיָהון,
דעם מלך פון יהודה,
פאַר וואָס ער האָט געטאָן אין ירושָלַיִם.

5 וואָרום ווער וועט דיך דערבאַרימען, ירושָלַיִם?
און ווער וועט דיך באַדויערן?
און ווער וועט זיך אָפּקערן
דיך צו פרעגן אויף פריד?
6 דו האָסט מיך אַוועקגעוואָרפן, זאָגט גאָט,
אַהינטער טוסטו גיין,
דרום שטרעק איך אויס מיין האַנט אויף דיר און
צעשטער דיך;
איך בין מיד געוואָרן זיך צו דערבאַרימען.
7 און איך ווינטשופל זיי מיט אַ ווינטשופל
אין די טויערן פון לאַנד;
איך לאָז אָן קינדער, איך ברענג אונטער מיין פאָלק,
ווייל זיי קערן זיך ניט אום פון זייערע וועגן.
8 זייערע אַלמנות ווערן דורך מיר מער ווי זאַמד פון דיימען;

ד׳ לזעוה קרי ח׳ אלמנותיו ק ט׳ באה ק יא׳ שריתיך ק
יג׳ מלא ו יד׳ כ״א והעבדתי למדנחאי חיקך טז׳ דבריך ק

איך ברענג אויף זיי—אויף דער מוטער—אַן אויסדערווײלטן,
אַ פאַרוויסטער אין מיטן טאָג.
איך וואַרף אָן אויף איר פּלוצים
אַנגסט און שרעקענישן.
9 פאַרוועלקט ווערט די געווינערין פון זיבן,
זי הויכט אויס איר נשמה;
איר זון גייט אונטער ווען נאָך טאָג,
זי ווערט צו שאַנד און פאַרשעמט.
און זייער איבערבלייב וועל איך איבערגעבן
צום שווערד פאַר זייערע פיינט, זאָגט גאָט.

10 וויי מיר, מוטער מיינע,
וואָס דו האָסט מיך געבאָרן
אַ מענטש פון קריג,
און אַ מענטש פון שטרייט קעגן גאַנצן לאַנד;
ניט איך מאָן, און ניט מע מאָנט ביי מיר,
פון דעסטוועגן שילטן זיי מיך אַלע.

11 האָט גאָט געזאָגט:
פאַרוואָר, איך וועל דיך דערלייזן צום גוטן;
פאַרוואָר, איך וועל מאַכן דעם פיינט זיך בעטן ביי דיר
אין צייט פון אומגליק און אין צייט פון נויט.

12 קען מען אַייזן צעברעכן—
אַייזן פון צפון, און קופּער?

13 דיין פאַרמעג און דיינע אוצרות
וועל איך געבן צו רויב אָן געצאָלט;
יאָ, פאַר אַלע דיינע זינד
אַזש אין אַלע דיינע געמאַרקן.
14 און איך וועל דיך אַריבערפירן ביי דיינע פיינט,
אין אַ לאַנד וואָס דו קענסט ניט;
וואָרום אַ פייער איז אָנגעצונדן אין מיין נאָז,
אויף אַייך וועט עס ברענען.

15 דו, גאָט, ווייסט דאָך,
געדענק מיך, און דערמאָן זיך אָן מיר,
און זיי זיך נוקם אָן מיינע נאָכיאָגער;
פון וועגן דיין לאַנגמוט ניט נעם מיך אַוועק;
מערק מיין ליידן פון דיינעטוועגן שאַנד.
16 ווי דיינע ווערטער זיינען געפונען געוואָרן,
אַזוי האָב איך זיי אַיינגעשלונגען,
און דיין וואָרט איז מיר געווען פאַר אַ פרייד,
און פאַר אַ שׂמחה פון מיין האַרצן,
ווייל דיין נאָמען איז אויף מיר גערופן געוואָרן,

יהוה דו גאָט פון צבָאות.
17 איך בין ניט געזעסן אין געזעמל פון פריילעכע
און זיך לוסטיק געמאַכט;
פון וועגן דיין האַנט בין איך געזעסן אַליין,
וואָרום מיט צאָרן האָסטו מיך אָנגעפילט.
18 פאַרוואָס איז אייביק מיין ווייטאָק,
און מיין וווּנד איז מסוכּן, זי וויל זיך ניט היילן?
ווילסטו מיר זיין ווי אַ טייך אַ פאַלשער,
ווי וואַסערן אומגעטרייע?

19 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט:
אַז דו וועסט זיך אומקערן, און איך וועל דיך אומקערן,
וועסטו שטיין פאַר מיר;
און אַז דו וועסט אַרויסציען טייערס פון געמיינעם,
וועסטו אַזוי ווי מיין מויל זיין;
זיי וועלן זיך אומקערן צו דיר,
און דו וועסט זיך ניט אומקערן צו זיי.
20 און איך וועל דיך מאַכן אַקעגן דעמדאָזיקן פאָלק
פאַר אַ באַפעסטיקטער מויער פון קופער,
און זיי וועלן מלחמה האַלטן קעגן דיר,
און וועלן דיך ניט בייקומען;
וואָרום איך בין מיט דיר, דיך צו העלפן,
און דיך מציל צו זיין, זאָגט גאָט.
21 און איך וועל דיך מציל זיין פון דער האַנט פון די שלעכטע,
און וועל דיך אויסלייזן פון דעם פויסט פון די מאַכטיקע.

## טז

1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
2 זאָלסט דיר ניט נעמען קיין ווייב,
און ניט האָבן קיין זין און קיין טעכטער אין דעמדאָזיקן אָרט.
3 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט
אויף די זין און אויף די טעכטער
וואָס ווערן געבאָרן אין דעמדאָזיקן אָרט,
און אויף זייערע מוטערס וואָס האָבן זיי געהאַט,
און אויף זייערע פאָטערס וואָס האָבן זיי געבאָרן
אין דעמדאָזיקן לאַנד:
4 טויטן פון יסורים וועלן זיי שטאַרבן;
ניט באַקלאָגט און ניט באַגראָבן וועלן זיי ווערן,
צו מיסט אויפן געזיכט פון דער ערד וועלן זיי זיין;
און פון שווערד און פון הונגער וועלן זיי פאַרלענדט ווערן;
און זייערע טויטע לייבער וועלן זיין צו שפייז
פאַרן פויגל פון הימל,
און פאַר דער חיה פון דער ערד.
5 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זאָלסט ניט קומען אין הויז פון יאָמער,
און זאָלסט ניט גיין באַקלאָגן,
און זאָלסט זיי ניט באַדויערן,
וואָרום איך האָב אַוועקגענומען מיין שלום
פון דעמדאָזיקן פאָלק, זאָגט גאָט,
די גנאָד, און די דערבאַרימונג.
6 און גרויס און קליין וועלן שטאַרבן
אין דעמדאָזיקן לאַנד;
ניט זיי וועלן באַגראָבן ווערן,
און ניט מע וועט קלאָגן נאָך זיי,
און ניט מע וועט זיך אַיינשניידן,
און ניט מע וועט זיך אַ פליך מאַכן נאָך זיי;
7 און ניט מע וועט ברעכן ברויט פאַר זיי אין אַבֵלות,
זיי צו טרייסטן נאָך אַ טויטן,
און ניט מע וועט זיי געבן טרינקען אַ בעכער פון טרייסטונג
נאָך זייער פאָטער און נאָך זייער מוטער.
8 און אין הויז פון אַ סעודה זאָלסטו ניט גיין,
צו זיצן מיט זיי, צו עסן און צו טרינקען.
9 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבָאות,
דער גאָט פון ישׂראל:
זע, איך פאַרשטער פון דעמדאָזיקן אָרט,
פאַר אַייערע אויגן און אין אַייערע טעג,
דעם קָול פון לוסטיקייט און דעם קָול פון פרייד,
דעם קָול פון אַ חתן און דעם קָול פון אַ כּלה.
10 און עס וועט זיין, אַז דו וועסט זאָגן צו דעמדאָזיקן פאָלק די אַלע ווערטער, און זיי וועלן זאָגן צו דיר: פאַר־

יז אֱלֹהֵי צְבָאוֹת׃ לֹא־יָשַׁבְתִּי בְסוֹד־מְשַׂחֲקִים וָאֶעְלֹז מִפְּנֵי
יח יָדְךָ בָּדָד יָשַׁבְתִּי כִּי־זַעַם מִלֵּאתָנִי׃ לָמָּה הָיָה כְאֵבִי נֶצַח
וּמַכָּתִי אֲנוּשָׁה מֵאֲנָה הֵרָפֵא הָיוֹ תִהְיֶה לִי כְּמוֹ אַכְזָב מַיִם
יט לֹא נֶאֱמָנוּ׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה אִם־תָּשׁוּב וַאֲשִׁיבְךָ
לְפָנַי תַּעֲמֹד וְאִם־תּוֹצִיא יָקָר מִזּוֹלֵל כְּפִי תִהְיֶה יָשֻׁבוּ הֵמָּה
כ אֵלֶיךָ וְאַתָּה לֹא־תָשׁוּב אֲלֵיהֶם׃ וּנְתַתִּיךָ לָעָם הַזֶּה לְחוֹמַת
נְחֹשֶׁת בְּצוּרָה וְנִלְחֲמוּ אֵלֶיךָ וְלֹא־יוּכְלוּ לָךְ כִּי־אִתְּךָ אֲנִי
כא לְהוֹשִׁיעֲךָ וּלְהַצִּילֶךָ נְאֻם־יְהוָה׃ וְהִצַּלְתִּיךָ מִיַּד רָעִים
וּפְדִתִיךָ מִכַּף עָרִיצִים׃

## טז

א וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ לֹא־תִקַּח לְךָ אִשָּׁה וְלֹא־
ב
ג יִהְיוּ לְךָ בָּנִים וּבָנוֹת בַּמָּקוֹם הַזֶּה׃ כִּי־כֹה ׀ אָמַר
יְהוָה עַל־הַבָּנִים וְעַל־הַבָּנוֹת הַיִּלּוֹדִים בַּמָּקוֹם הַזֶּה וְעַל־
אִמֹּתָם הַיֹּלְדוֹת אוֹתָם וְעַל־אֲבוֹתָם הַמּוֹלִדִים אוֹתָם בָּאָרֶץ
ד הַזֹּאת׃ מְמוֹתֵי תַחֲלֻאִים יָמֻתוּ לֹא יִסָּפְדוּ וְלֹא יִקָּבֵרוּ
לְדֹמֶן עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה יִהְיוּ וּבַחֶרֶב וּבָרָעָב יִכְלוּ וְהָיְתָה
נִבְלָתָם לְמַאֲכָל לְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּלְבֶהֱמַת הָאָרֶץ׃
ה כִּי־כֹה ׀ אָמַר יְהוָה אַל־תָּבוֹא בֵּית מַרְזֵחַ וְאַל־תֵּלֵךְ
לִסְפּוֹד וְאַל־תָּנֹד לָהֶם כִּי־אָסַפְתִּי אֶת־שְׁלוֹמִי מֵאֵת הָעָם
ו הַזֶּה נְאֻם־יְהוָה אֶת־הַחֶסֶד וְאֶת־הָרַחֲמִים׃ וּמֵתוּ גְדֹלִים
וּקְטַנִּים בָּאָרֶץ הַזֹּאת לֹא יִקָּבֵרוּ וְלֹא־יִסְפְּדוּ לָהֶם וְלֹא
ז יִתְגֹּדַד וְלֹא יִקָּרֵחַ לָהֶם׃ וְלֹא־יִפְרְסוּ לָהֶם עַל־אֵבֶל
לְנַחֲמוֹ עַל־מֵת וְלֹא־יַשְׁקוּ אוֹתָם כּוֹס תַּנְחוּמִים עַל־אָבִיו
ח וְעַל־אִמּוֹ׃ וּבֵית־מִשְׁתֶּה לֹא־תָבוֹא לָשֶׁבֶת אוֹתָם לֶאֱכֹל
ט וְלִשְׁתּוֹת׃ כִּי כֹה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
הִנְנִי מַשְׁבִּית מִן־הַמָּקוֹם הַזֶּה לְעֵינֵיכֶם וּבִימֵיכֶם קוֹל
י שָׂשׂוֹן וְקוֹל שִׂמְחָה קוֹל חָתָן וְקוֹל כַּלָּה׃ וְהָיָה כִּי תַגִּיד
לָעָם הַזֶּה אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְאָמְרוּ אֵלֶיךָ עַל־

מָה דִבֶּר יְהוָה עָלֵינוּ אֵת כָּל־הָרָעָה הַגְּדוֹלָה הַזֹּאת וּמֶה
עֲוֹנֵנוּ וּמֶה חַטָּאתֵנוּ אֲשֶׁר חָטָאנוּ לַיהוָה אֱלֹהֵינוּ׃ וְאָמַרְתָּ יא
אֲלֵיהֶם עַל אֲשֶׁר־עָזְבוּ אֲבוֹתֵיכֶם אוֹתִי נְאֻם־יְהוָה וַיֵּלְכוּ
אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים וַיַּעַבְדוּם וַיִּשְׁתַּחֲווּ לָהֶם וְאֹתִי עָזָבוּ
וְאֶת־תּוֹרָתִי לֹא שָׁמָרוּ׃ וְאַתֶּם הֲרֵעֹתֶם לַעֲשׂוֹת מֵאֲבוֹתֵיכֶם יב
וְהִנְּכֶם הֹלְכִים אִישׁ אַחֲרֵי שְׁרִרוּת לִבּוֹ־הָרָע לְבִלְתִּי
שְׁמֹעַ אֵלָי׃ וְהֵטַלְתִּי אֶתְכֶם מֵעַל הָאָרֶץ הַזֹּאת עַל־ יג
הָאָרֶץ אֲשֶׁר לֹא יְדַעְתֶּם אַתֶּם וַאֲבוֹתֵיכֶם וַעֲבַדְתֶּם־שָׁם
אֶת־אֱלֹהִים אֲחֵרִים יוֹמָם וָלַיְלָה אֲשֶׁר לֹא־אֶתֵּן לָכֶם
חֲנִינָה׃ לָכֵן הִנֵּה־יָמִים בָּאִים נְאֻם־יְהוָה וְלֹא־יֵאָמֵר יד
עוֹד חַי־יְהוָה אֲשֶׁר הֶעֱלָה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃
כִּי אִם־חַי־יְהוָה אֲשֶׁר הֶעֱלָה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ צָפוֹן טו
וּמִכֹּל הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר הִדִּיחָם שָׁמָּה וַהֲשִׁבֹתִים עַל־
אַדְמָתָם אֲשֶׁר נָתַתִּי לַאֲבוֹתָם׃ הִנְנִי שֹׁלֵחַ טז
לְדַוָּגִים רַבִּים נְאֻם־יְהוָה וְדִיגוּם וְאַחֲרֵי־כֵן אֶשְׁלַח לְרַבִּים
צַיָּדִים וְצָדוּם מֵעַל כָּל־הַר וּמֵעַל כָּל־גִּבְעָה וּמִנְּקִיקֵי
הַסְּלָעִים׃ כִּי עֵינַי עַל־כָּל־דַּרְכֵיהֶם לֹא נִסְתְּרוּ מִלְּפָנָי יז
וְלֹא־נִצְפַּן עֲוֺנָם מִנֶּגֶד עֵינָי׃ וְשִׁלַּמְתִּי רִאשׁוֹנָה מִשְׁנֵה יח
עֲוֺנָם וְחַטָּאתָם עַל חַלְּלָם אֶת־אַרְצִי בְּנִבְלַת שִׁקּוּצֵיהֶם
וְתוֹעֲבוֹתֵיהֶם מָלְאוּ אֶת־נַחֲלָתִי׃ יְהוָה עֻזִּי וּמָעֻזִּי יט
וּמְנוּסִי בְּיוֹם צָרָה אֵלֶיךָ גּוֹיִם יָבֹאוּ מֵאַפְסֵי־אָרֶץ וְיֹאמְרוּ
אַךְ־שֶׁקֶר נָחֲלוּ אֲבוֹתֵינוּ הֶבֶל וְאֵין־בָּם מוֹעִיל׃ הֲיַעֲשֶׂה־ כ
לּוֹ אָדָם אֱלֹהִים וְהֵמָּה לֹא אֱלֹהִים׃ לָכֵן הִנְנִי מוֹדִיעָם כא
בַּפַּעַם הַזֹּאת אוֹדִיעֵם אֶת־יָדִי וְאֶת־גְּבוּרָתִי וְיָדְעוּ כִּי־
שְׁמִי יְהוָה׃

יז

חַטַּאת יְהוּדָה כְּתוּבָה בְּעֵט בַּרְזֶל בְּצִפֹּרֶן שָׁמִיר חֲרוּשָׁה א

טו, יא׳ קמץ ס״ק   טז׳ לדוגים ק׳   יט׳ הפטרת בחקותי   קמץ ס״ק

וואָס האָט גאָט אָנגעזאָגט אויף אונדז אַלדאָסדאָזיקע גרויסע בייז, און וואָס איז אונדזער פאַרברעך, און וואָס איז אונדזער זינד וואָס מיר האָבן געזינדיקט צו יהוה אונדזער גאָט? [11] וואָלסטו זאָגן צו זיי: פאַרוואָס אײַערע עלטערן האָבן מיך פאַרלאָזן, זאָגט גאָט, און זיי זײַנען געגאַנגען נאָך פרעמדע געטער, און האָבן זיי געדינט, און זיך געבוקט צו זיי, און מיך האָבן זיי פאַרלאָזן, און מײַן תּורה האָבן זיי ניט געהיט. [12] און איר האָט נאָך ערגער געטאָן פון אײַערע עלטערן, און אָט גייט איר איטלעכער נאָך דער אײַנגעשפּאַרטקייט פון זײַן בייזן האַרצן, מיך ניט צו הערן. [13] דרום וועל איך אײַך פאַרוואַרפן פון דעמדאָזיקן לאַנד אין אַ לאַנד וואָס ניט איר און ניט אײַערע עלטערן האָבן געקענט, און איר וועט דאָרטן דינען פרעמדע געטער טאָג און נאַכט; וואָרום איך וועל אײַך ניט געבן קיין לײַטזעליקייט.

[14] פאַרוואָר, זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און עס וועט מער ניט געזאָגט ווערן:
אַזוי ווי עס לעבט גאָט וואָס האָט אויפגעבראַכט
די קינדער פון ישׂראל פון לאַנד מִצרַיִם!
[15] נייערט: אַזוי ווי עס לעבט גאָט וואָס האָט אויפגעבראַכט
די קינדער פון ישׂראל פון צפון־לאַנד
און פון אַלע לענדער וואָס ער האָט זיי פאַרשטויסן אַהין!
און איך וועל זיי אומקערן אויף זייער ערד
וואָס איך האָב געגעבן זייערע עלטערן.

[16] זע, איך שיק נאָך פישערס אַ סך, זאָגט גאָט,
און זיי וועלן זיי אַרויספישן;
און דערנאָך וועל איך שיקן נאָך אַ סך יעגערס,
און זיי וועלן זיי צעגויפיאָגן
פון יעטוועדער באַרג, און פון יעטוועדער הייך,
און פון די שפּאַלטן פון די פעלזן.
[17] וואָרום מײַנע אויגן זײַנען אויף אַלע זייערע וועגן,
ניט פאַרבאָרגן זײַנען זיי פון פאַר מיר,
און ניט פאַרהוילן איז זייער פאַרברעך פון אַקעגן
מײַנע אויגן.
[18] און איך וועל צוערשט באַצאָלן טאָפּל
זייער פאַרברעך און זייער זינד,
פאַרוואָס זיי האָבן פאַרשוועכט מײַן לאַנד
מיט די נבֵלות פון זייערע מיאוסע אָפּגעטער,
און זייערע אומווערדיקייטן האָבן אָנגעפילט מײַן
אַרבֿ.

[19] גאָט, מײַן פעסטיקייט און מײַן פעסטונג,
און מײַן אַנטרינונג אין טאָג פון נויט
צו דיר וועלן פעלקער קומען
פון די עקן ערד, און וועלן זאָגן:
נאָר ליגן האָבן גערַירשעט אונדזערע עלטערן,
נישטיקייטן וואָס אין זיי איז קיין נוץ ניטאָ.
[20] קען אַ מענטש זיך מאַכן געטער,
אַז זיי זײַנען קיין געטער ניט?

[21] פאַרוואָר, זע, איך מאַך זיי וויסן,
דאָס מאָל וועל איך זיי מאַכן וויסן
מײַן האַנט און מײַן גבורה,
און זיי וועלן וויסן אַז מײַן נאָמען איז יהוה.

יז [1] די זינד פון יהודה איז אויפגעשריבן
מיט אַן אײַזערנער פען, מיט אַ דימענטענעם שפּיץ:

ב עַל־לוּחַ לִבָּם וּלְקַרְנוֹת מִזְבְּחוֹתֵיכֶם׃ כִּזְכֹּר בְּנֵיהֶם
מִזְבְּחוֹתָם וַאֲשֵׁרֵיהֶם עַל־עֵץ רַעֲנָן עַל גְּבָעוֹת הַגְּבֹהוֹת׃
ג הֲרָרִי בַּשָּׂדֶה חֵילְךָ כָל־אוֹצְרוֹתֶיךָ לָבַז אֶתֵּן בָּמֹתֶיךָ
ד בְּחַטָּאת בְּכָל־גְּבוּלֶיךָ׃ וְשָׁמַטְתָּה וּבְךָ מִנַּחֲלָתְךָ אֲשֶׁר
נָתַתִּי לָךְ וְהַעֲבַדְתִּיךָ אֶת־אֹיְבֶיךָ בָּאָרֶץ אֲשֶׁר לֹא־יָדָעְתָּ
ה כִּי־אֵשׁ קְדַחְתֶּם בְּאַפִּי עַד־עוֹלָם תּוּקָד׃ כֹּה ׀ אָמַר
יְהוָה אָרוּר הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בָּאָדָם וְשָׂם בָּשָׂר זְרֹעוֹ
ו וּמִן־יְהוָה יָסוּר לִבּוֹ׃ וְהָיָה כְּעַרְעָר בָּעֲרָבָה וְלֹא יִרְאֶה
כִּי־יָבוֹא טוֹב וְשָׁכַן חֲרֵרִים בַּמִּדְבָּר אֶרֶץ מְלֵחָה וְלֹא
ז תֵשֵׁב׃ בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּיהוָה וְהָיָה
ח יְהוָה מִבְטַחוֹ׃ וְהָיָה כְּעֵץ ׀ שָׁתוּל עַל־מַיִם וְעַל־יוּבַל
יְשַׁלַּח שָׁרָשָׁיו וְלֹא יִרְאֶ כִּי־יָבֹא חֹם וְהָיָה עָלֵהוּ רַעֲנָן
ט וּבִשְׁנַת בַּצֹּרֶת לֹא יִדְאָג וְלֹא יָמִישׁ מֵעֲשׂוֹת פֶּרִי׃ עָקֹב
י הַלֵּב מִכֹּל וְאָנֻשׁ הוּא מִי יֵדָעֶנּוּ׃ אֲנִי יְהוָה חֹקֵר לֵב בֹּחֵן
יא כְּלָיוֹת וְלָתֵת לְאִישׁ כִּדְרָכָו כִּפְרִי מַעֲלָלָיו׃ קֹרֵא
דָגַר וְלֹא יָלָד עֹשֶׂה עֹשֶׁר וְלֹא בְמִשְׁפָּט בַּחֲצִי יָמָו יַעַזְבֶנּוּ
יב וּבְאַחֲרִיתוֹ יִהְיֶה נָבָל׃ כִּסֵּא כָבוֹד מָרוֹם מֵרִאשׁוֹן מְקוֹם
יג מִקְדָּשֵׁנוּ׃ מִקְוֵה יִשְׂרָאֵל יְהוָה כָּל־עֹזְבֶיךָ יֵבֹשׁוּ יְסוּרַי
בָּאָרֶץ יִכָּתֵבוּ כִּי עָזְבוּ מְקוֹר מַיִם־חַיִּים אֶת־יְהוָה׃
יד רְפָאֵנִי יְהוָה וְאֵרָפֵא הוֹשִׁיעֵנִי וְאִוָּשֵׁעָה כִּי תְהִלָּתִי אָתָּה׃ •
טו טז הִנֵּה־הֵמָּה אֹמְרִים אֵלַי אַיֵּה דְבַר־יְהוָה יָבוֹא נָא׃ וַאֲנִי
לֹא־אַצְתִּי ׀ מֵרֹעֶה אַחֲרֶיךָ וְיוֹם אָנוּשׁ לֹא הִתְאַוֵּיתִי אַתָּה
יז יָדָעְתָּ מוֹצָא שְׂפָתַי נֹכַח פָּנֶיךָ הָיָה׃ אַל־תִּהְיֵה־לִי לִמְחִתָּה
יח מַחֲסִי־אַתָּה בְּיוֹם רָעָה׃ יֵבֹשׁוּ רֹדְפַי וְאַל־אֵבֹשָׁה אָנִי
יֵחַתּוּ הֵמָּה וְאַל־אֵחַתָּה אָנִי הָבִיא עֲלֵיהֶם יוֹם רָעָה וּמִשְׁנֶה
יט שִׁבָּרוֹן שָׁבְרֵם׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה אֵלַי הָלֹךְ וְעָמַדְתָּ

ב׳ כ״א וצל   ג׳ כ״א וכל   ח׳ יראה קרי   קמץ בז״ק   י׳ כדרכיו קרי
יא׳ קמץ בז״ק   ימיו קרי   יג׳ וסורי קרי   יד׳ עד כאן   יז׳ הה״ד בצירי

אויסגעקריצט אויפן טאָוול פון זייער האַרצן,
און אויף די הערנער פון אַייערע מזבחות.
2 ווי זיי בענקען נאָך זייערע קינדער—אַזוי נאָך זייערע
מזבחות,
און זייערע געצנשטאַנגען ביים צווייגהאַפטיקן בוים,
אויף די בערגלעך די הויכע.

3 מיין געבערג אין פעלד!
דיין פאַרמעג, אַלע דיינע אוצרות וועל איך געבן צו
רויב,
דיינע הייכן—פאַר די זינד אין אַלע דיינע געמאַרקן.
4 און וועסט זיך אָפּוואַרפן פון זיך אַליין פון דיין נחלה,
וואָס איך האָב דיר געגעבן;
און איך וועל דיך מאַכן דינען דיינע פיינט,
אין אַ לאַנד, וואָס דו קענסט ניט;
וואָרום אַ פייער האָט איר אָנגעצונדן אין מיין נאָז,
ביז אייביק וועט עס ברענען.

5 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פאַרשאָלטן דער מאַן וואָס פאַרזיכערט זיך אויף אַ
מענטשן,
און מאַכט פלייש זיין אָנהאַלט,
און פון גאָט קערט זיך אָפּ זיין האַרץ!
6 וואָרום ער וועט זיין ווי אַ טאַמאַריסק אין דער וויסטע,
און וועט ניט זען ווען עס קומט גוטס,
און וועט וווינען אין טריקענישן אין דער מדבר,
אין אַ לאַנד אַ זאַלציקן וואָס איז ניט באַזעצט.
7 געבענטשט דער מאַן וואָס פאַרזיכערט זיך אויף גאָט,
און גאָט איז זיין פאַרזיכערונג!
8 וואָרום ער וועט זיין ווי אַ בוים געפלאַנצט ביי וואַסער,
וואָס ביי אַ באַך לאָזט ער אַרויס זיינע וואָרצלען,
און ער מערקט ניט ווען עס קומט אַ היץ,
און זיין בלאַט איז גרין,
און אין אַ יאָר פון טריקעניש דאגהט ער ניט,
און הערט ניט אויף טראָגן פרוכט.

9 פאַרדרייטער פון אַלץ איז דאָס האַרץ,
און שוואַך איז עס—ווער קען עס קענען?
10 איך, גאָט, טו פאָרשן דאָס האַרץ,
טו פּרוּוון די נירן,
כדי צו געבן איטלעכן לויט זיינע וועגן,
לויט דער פרוכט פון זיינע מעשׂים.

11 אַ פעלדהון וואָס בריט אויף וואָס זי האָט ניט געלייגט,
איז דער וואָס מאַכט אַן עשירות, אָבער ניט מיט גערעכ־
טיקייט;
אין העלפט פון זיינע טעג וועט ער עס פאַרלאָזן,
און אין זיין סוף וועט ער בלייבן אַ מנוול.

12 דו טראָן פון פּראַכטיקייט, דערהויבן פון אָנהייב אָן,
דו אָרט פון אונדזער הייליקייט,
13 דו האָפענונג פון ישראל, גאָט,
אַלע וואָס פאַרלאָזן דיך, וועלן פאַרשעמט ווערן;
און די אָפּגעקערטע פון מיר
וועלן אין דער ערד פאַרשריבן ווערן,
ווייל זיי האָבן פאַרלאָזן גאָט,
דעם קוואַל פון לעבעדיקע וואַסער.

14 הייל מיך, גאָט, איך זאָל געהיילט ווערן,
העלף מיך, איך זאָל געהאָלפן ווערן,
וואָרום דו ביסט מיין לויב.
15 זע, זיי זאָגן צו מיר:
ווּ איז דאָס וואָרט פון גאָט?
זאָל עס נאָר קומען.
16 און איך, ניט איך בין אַנטלאָפן
פון זיין אַ פּאַסטוך הינטער דיר,
און ניט איך האָב באַגערט דעם אומגליקלעכן טאָג;
דו ווייסט עס;
וואָס איז אַרויס פון מיינע ליפּן,
איז פאַר דיין פנים געווען.
17 זאָל עס מיר ניט זיין צום בראָך;
דו ביסט דאָך מיין באַשיצונג אין טאָג פון אומגליק.
18 זאָלן מיינע נאָכיאָגער פאַרשעמט ווערן,
און איך זאָל ניט פאַרשעמט ווערן;
זאָלן זיי דערשראָקן ווערן,
און איך זאָל ניט דערשראָקן ווערן.
ברענג אויף זיי דעם טאָג פון אומגליק,
און אַ צווייאיקן בראָך צעברעך זיי.

בְּשַׁעַר בְּנֵי עָם אֲשֶׁר יָבֹאוּ בוֹ מַלְכֵי יְהוּדָה וַאֲשֶׁר
יֵצְאוּ בוֹ וּבְכֹל שַׁעֲרֵי יְרוּשָׁלָ͏ִם׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם שִׁמְעוּ כ
דְּבַר־יְהוָה מַלְכֵי יְהוּדָה וְכָל־יְהוּדָה וְכֹל יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלָ͏ִם
הַבָּאִים בַּשְּׁעָרִים הָאֵלֶּה׃ כֹּה אָמַר יְהוָה הִשָּׁמְרוּ כא
בְּנַפְשׁוֹתֵיכֶם וְאַל־תִּשְׂאוּ מַשָּׂא בְּיוֹם הַשַּׁבָּת וַהֲבֵאתֶם
בְּשַׁעֲרֵי יְרוּשָׁלָ͏ִם׃ וְלֹא־תוֹצִיאוּ מַשָּׂא מִבָּתֵּיכֶם בְּיוֹם כב
הַשַּׁבָּת וְכָל־מְלָאכָה לֹא תַעֲשׂוּ וְקִדַּשְׁתֶּם אֶת־יוֹם הַשַּׁבָּת
כַּאֲשֶׁר צִוִּיתִי אֶת־אֲבוֹתֵיכֶם׃ וְלֹא שָׁמְעוּ וְלֹא הִטּוּ אֶת־ כג
אָזְנָם וַיַּקְשׁוּ אֶת־עָרְפָּם לְבִלְתִּי שׁוֹמַע וּלְבִלְתִּי קַחַת
מוּסָר׃ וְהָיָה אִם־שָׁמֹעַ תִּשְׁמְעוּן אֵלַי נְאֻם־יְהוָה לְבִלְתִּי ׀ כד
הָבִיא מַשָּׂא בְּשַׁעֲרֵי הָעִיר הַזֹּאת בְּיוֹם הַשַּׁבָּת וּלְקַדֵּשׁ
אֶת־יוֹם הַשַּׁבָּת לְבִלְתִּי עֲשׂוֹת־בֹּה כָּל־מְלָאכָה׃ וּבָאוּ כה
בְשַׁעֲרֵי הָעִיר הַזֹּאת מְלָכִים ׀ וְשָׂרִים יֹשְׁבִים עַל־כִּסֵּא
דָוִד רֹכְבִים ׀ בָּרֶכֶב וּבַסּוּסִים הֵמָּה וְשָׂרֵיהֶם אִישׁ יְהוּדָה
וְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלָ͏ִם וְיָשְׁבָה הָעִיר הַזֹּאת לְעוֹלָם׃ וּבָאוּ מֵעָרֵי־ כו
יְהוּדָה וּמִסְּבִיבוֹת יְרוּשָׁלַ͏ִם וּמֵאֶרֶץ בִּנְיָמִן וּמִן־הַשְּׁפֵלָה
וּמִן־הָהָר וּמִן־הַנֶּגֶב מְבִאִים עוֹלָה וְזֶבַח וּמִנְחָה וּלְבוֹנָה
וּמְבִאֵי תוֹדָה בֵּית יְהוָה׃ וְאִם־לֹא תִשְׁמְעוּ אֵלַי לְקַדֵּשׁ אֶת־ כז
יוֹם הַשַּׁבָּת וּלְבִלְתִּי ׀ שְׂאֵת מַשָּׂא וּבֹא בְּשַׁעֲרֵי יְרוּשָׁלַ͏ִם
בְּיוֹם הַשַּׁבָּת וְהִצַּתִּי אֵשׁ בִּשְׁעָרֶיהָ וְאָכְלָה אַרְמְנוֹת יְרוּשָׁלַ͏ִם
וְלֹא תִכְבֶּה׃

## יח

הַדָּבָר אֲשֶׁר הָיָה אֶל־יִרְמְיָהוּ מֵאֵת יְהוָה לֵאמֹר׃ קוּם א ב
וְיָרַדְתָּ בֵּית הַיּוֹצֵר וְשָׁמָּה אַשְׁמִיעֲךָ אֶת־דְּבָרָי׃ וָאֵרֵד ג
בֵּית הַיּוֹצֵר וְהִנֵּהוּ עֹשֶׂה מְלָאכָה עַל־הָאָבְנָיִם׃ וְנִשְׁחַת ד
הַכְּלִי אֲשֶׁר הוּא עֹשֶׂה בַּחֹמֶר בְּיַד הַיּוֹצֵר וְשָׁב וַיַּעֲשֵׂהוּ
כְּלִי אַחֵר כַּאֲשֶׁר יָשַׁר בְּעֵינֵי הַיּוֹצֵר לַעֲשׂוֹת׃ וַיְהִי ה

---

יז, יט׳ העם ק   כג׳ שמוע קי   כד׳ בה קי   יח, ג׳ והנה־הוא קרי

[19] אַזוי האָט צו מיר גאָט געזאָגט: גיי און זאָלסט זיך שטעלן אין טויער פון די קינדער פון פאָלק, וואָס דורך אים קומען אַריין די מלכים פון יהודה, און וואָס דורך אים גייען זיי אַרויס, און אין אַלע טויערן פון ירושָלַיִם; [20] און זאָלסט זאָגן צו זיי: הערט דאָס וואָרט פון גאָט, איר מלכים פון יהודה, און גאַנץ יהודה, און אַלע באַוווינער פון ירושָלַיִם, וואָס קומען אין דידאָזיקע טויערן; [21] אַזוי האָט גאָט געזאָגט: היט אַייך אום אַייער זעל, און איר זאָלט ניט טראָגן קיין משׂא אין טאָג פון שבת און אַריינברענגען אין די טויערן פון ירושָלַיִם. [22] און איר זאָלט ניט אַרויסטראָגן קיין משׂא פון אַייערע הייזער אין טאָג פון שבת, און קיין שום אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן, און איר זאָלט האַלטן הייליק דעם טאָג פון שבת, אַזוי ווי איך האָב באַפוילן אַייערע עלטערן. [23] אָבער זיי האָבן ניט געהערט און ניט צוגענייגט זייער אויער, און זיי האָבן האַרט געמאַכט זייער נאַקן ניט צוצוהערן, און ניט צו נעמען קיין מוסר. [24] דרום וועט זיין: אויב צוהערן וועט איר צוהערן צו מיר, זאָגט גאָט, ניט אַריינצוברענגען קיין משׂא אין די טויערן פון דערדאָזיקער שטאָט אין טאָג פון שבת, נייערט צו האַלטן הייליק דעם טאָג פון שבת, ניט צו טאָן אין אים קיין שום אַרבעט, [25] וועלן קומען אין די טויערן פון דערדאָזיקער שטאָט מלכים און האַרן וואָס זיצן אויפן טראָן פון דוד, וואָס רייטן אויף רייטוועגן און אויף פערד, זיי, און זייערע האַרן, די מענער פון יהודה, און די באַוווינער פון ירושָלַיִם; און דידאָזיקע שטאָט וועט זיין באַזעצט אויף אייביק. [26] און מע וועט קומען פון די שטעט פון יהודה, און פון רונד אַרום ירושָלַיִם, און פון לאַנד בנימין, און פון דער נידערונג, און פונעם געבערג, און פונעם דָרום, ברענגענדיק בראַנדאָפּפער, און שלאַכטאָפּפער, און שפּייזאָפּפער, און ווייריך, און ברענגענדיק דאַנקאָפּפער, אין הויז פון גאָט. [27] אויב אָבער איר וועט ניט צוהערן צו מיר, צו האַלטן הייליק דעם טאָג פון שבת, און ניט צו טראָגן קיין משׂא און אַריינקומען דערמיט אין די טויערן פון ירושָלַיִם אין טאָג פון שבת, וועל איך אָנצינדן אַ פייער אין אירע טויערן, און עס וועט פאַרצערן די פּאַלאַצן פון ירושָלַיִם, און וועט ניט פאַרלאָשן ווערן.

יח [1] דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו ירמיָהון פון גאָט, אַזוי צו זאָגן: [2] שטיי אויף, און זאָלסט אַראָפּנידערן צום הויז פון דעם טעפּער, און דאָרטן וועל איך דיך מאַכן הערן מיינע ווערטער. [3] האָב איך אַראָפּגענידערט צום הויז פון דעם טעפּער, ערשט ער מאַכט אַרבעט אויפן ווערקשטיין. [4] און אַז די כלי וואָס ער האָט געמאַכט פון ליים איז פאַרדאָרבן געוואָרן אין דער האַנט פון דעם טעפּער, האָט ער זי איבערגעמאַכט אין אַן אַנדער כלי, אַזוי ווי עס איז ווילגעפעלן אין די אויגן פון דעם טעפּער צו מאַכן.

[5] איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

6 קען איך דען ניט טאָן מיט אַייך אַזוי ווי דערדאָזיקער טעפּער,
איר הויז פון ישׂראל? זאָגט גאָט.
זעט, ווי ליים אין דער האַנט פון דעם טעפּער,
זייט איר אין מיין האַנט, הויז פון ישׂראל.
7 איין רגע רעד איך אויף אַ פאָלק און אויף אַ קיניגרייך,
אויסצורייסן און אַיינצוװאַרפן און אונטערצוברעגען;
8 אָבער אַז דאָס פאָלק וואָס איך האָב אויף אים גערעדט,
קערט זיך אום פון זיין שלעכטיקייט,
האָב איך חרטה אויף דעם בייז
וואָס איך האָב געטראַכט אים צו טאָן.
9 און איין רגע רעד איך אויף אַ פאָלק און אויף אַ קיניג־רייך,
צו בויען און צו פלאַנצן;
10 אָבער אַז עס טוט וואָס איז שלעכט אין מיינע אויגן,
ניט צוצוהערן מיין קָול,
האָב איך חרטה אויף דעם גוטס
וואָס איך האָב געזאָגט אים צו באַגיטיקן.
11 און אַצונד זאָג אַקאָרשט צו די מענער פון יהודה,
און צו די באַוווינער פון ירושָלַיִם,
אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זעט, איך באַשאַף אויף אַייך אַן אומגליק,
און טראַכט אויף אַייך אַ טראַכטונג;
קערט אַייך אום פאָרט איטלעכער פון זיין שלעכטן וועג,
און בעסערט אַייערע וועגן און אַייערע מעשׂים.
12 אָבער זיי זאָגן: אומזיסט!
נייערט נאָך אונדזערע געדאַנקען וועלן מיר גיין,
און איטלעכער לויט דער אַיינגעשפּאַרטקייט פון זיין בייזן האַרצן וועלן מיר טאָן.

13 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט:
פרעגט אַקאָרשט ביי די פעלקער,
ווער האָט אַזוינס געהערט?
שוידערהאַפטיקס ביז גאָר
האָט באַגאַנגען די יונגפרוי ישׂראל.
14 ווערט פון וועגן אַ פעלז פון פעלד
דער שניי דעם לבָנון פאַרלאָזן?
ווערט צוליב דומפּיקע וואַסער
קאַלטע פליסעדיקע אַוועקגעוואָרפן ווערן?
15 וואָרום מיין פאָלק האָט פאַרגעסן אָן מיר,
צו נישטיקייט רייכערן זיי,
און מע האָט זיי געמאַכט שטרויכלען אין זייערע וועגן–
די אייביקע שטעגן,
כדי צו גיין אויף ביישטעגן,
אויף אַ וועג ניט אויסגעטרעטן.
16 כדי צו מאַכן זיין לאַנד פאַר אַ שרעק,
פאַר אַן אייביקער שמוצערונג.
איטלעכער וואָס גייט איר פאַרביי וועט זיך דערשרעקן,
און וועט שאָקלען זיין קאָפּ.
17 ווי מיט אַ מזרח־ווינט וועל איך זיי צעשפּרייטן
פאַר דעם פיינט;

ו דְּבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמוֹר׃ הֲכַיּוֹצֵר הַזֶּה לֹא־אוּכַל לַעֲשׂוֹת
לָכֶם בֵּית יִשְׂרָאֵל נְאֻם־יְהוָה הִנֵּה כַחֹמֶר בְּיַד הַיּוֹצֵר
ז כֵּן־אַתֶּם בְּיָדִי בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ רֶגַע אֲדַבֵּר עַל־גּוֹי
ח וְעַל־מַמְלָכָה לִנְתוֹשׁ וְלִנְתוֹץ וּלְהַאֲבִיד׃ וְשָׁב הַגּוֹי הַהוּא
מֵרָעָתוֹ אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי עָלָיו וְנִחַמְתִּי עַל־הָרָעָה אֲשֶׁר
ט חָשַׁבְתִּי לַעֲשׂוֹת לוֹ׃ וְרֶגַע אֲדַבֵּר עַל־גּוֹי וְעַל־
י מַמְלָכָה לִבְנֹת וְלִנְטֹעַ׃ וְעָשָׂה הָרַעָה בְּעֵינַי לְבִלְתִּי
שְׁמֹעַ בְּקוֹלִי וְנִחַמְתִּי עַל־הַטּוֹבָה אֲשֶׁר אָמַרְתִּי לְהֵיטִיב
יא אוֹתוֹ׃ וְעַתָּה אֱמָר־נָא אֶל־אִישׁ יְהוּדָה וְעַל־יוֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלַםִ
לֵאמֹר כֹּה אָמַר יְהוָה הִנֵּה אָנֹכִי יוֹצֵר עֲלֵיכֶם רָעָה
וְחֹשֵׁב עֲלֵיכֶם מַחֲשָׁבָה שׁוּבוּ נָא אִישׁ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה
יב וְהֵיטִיבוּ דַרְכֵיכֶם וּמַעַלְלֵיכֶם׃ וְאָמְרוּ נוֹאָשׁ כִּי־אַחֲרֵי
מַחְשְׁבוֹתֵינוּ נֵלֵךְ וְאִישׁ שְׁרִרוּת לִבּוֹ־הָרָע נַעֲשֶׂה׃
יג לָכֵן כֹּה אָמַר יְהוָה שַׁאֲלוּ־נָא בַּגּוֹיִם מִי שָׁמַע כָּאֵלֶּה
יד שַׁעֲרֻרִת עָשְׂתָה מְאֹד בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל׃ הֲיַעֲזֹב מִצּוּר שָׂדַי
טו שֶׁלֶג לְבָנוֹן אִם־יִנָּתְשׁוּ מַיִם זָרִים קָרִים נוֹזְלִים׃ כִּי־
שְׁכֵחֻנִי עַמִּי לַשָּׁוְא יְקַטֵּרוּ וַיַּכְשִׁלוּם בְּדַרְכֵיהֶם שְׁבִילֵי
טז עוֹלָם לָלֶכֶת נְתִיבוֹת דֶּרֶךְ לֹא סְלוּלָה׃ לָשׂוּם אַרְצָם
לְשַׁמָּה שְׁרוּקֹת עוֹלָם כֹּל עוֹבֵר עָלֶיהָ יִשֹּׁם וְיָנִיד בְּרֹאשׁוֹ׃
יז כְּרוּחַ־קָדִים אֲפִיצֵם לִפְנֵי אוֹיֵב עֹרֶף וְלֹא־פָנִים אֶרְאֵם
יח בְּיוֹם אֵידָם׃ וַיֹּאמְרוּ לְכוּ וְנַחְשְׁבָה עַל־יִרְמְיָהוּ
מַחֲשָׁבוֹת כִּי לֹא־תֹאבַד תּוֹרָה מִכֹּהֵן וְעֵצָה מֵחָכָם וְדָבָר
מִנָּבִיא לְכוּ וְנַכֵּהוּ בַלָּשׁוֹן וְאַל־נַקְשִׁיבָה אֶל־כָּל־דְּבָרָיו׃
יט כ הַקְשִׁיבָה יְהוָה אֵלָי וּשְׁמַע לְקוֹל יְרִיבָי׃ הַיְשֻׁלַּם תַּחַת־
טוֹבָה רָעָה כִּי־כָרוּ שׁוּחָה לְנַפְשִׁי זְכֹר ׀ עָמְדִי לְפָנֶיךָ
לְדַבֵּר עֲלֵיהֶם טוֹבָה לְהָשִׁיב אֶת־חֲמָתְךָ מֵהֶם׃
כא לָכֵן תֵּן אֶת־בְּנֵיהֶם לָרָעָב וְהַגִּרֵם עַל־יְדֵי־חֶרֶב וְתִהְיֶנָה

ה׳ מלא ו׳ י׳ הרע קרי טו׳ שבלי ק וס״א כן כתיב וקרי טז׳ שריקות ק׳

זייער רוקן און ניט זייער פּנים וועל איך זען,
אין טאָג פון זייער בראָך.

18 יאָ, זיי האָבן געזאָגט:
קומט לאָמיר אויסטראַכטן תּחבולות קעגן יִרמְיָהון;
וואָרום די תּורה וועט ניט אונטערגיין פון דעם כּהן,
און די עצה פון דעם חכם, און דאָס וואָרט פון דעם נביא.
קומט און לאָמיר אים שלאָגן מיט דער צונג,
און ניט פאַרנעמען אַלע זיינע רייד.
19 פאַרנעם צו מיר, גאָט,
און הער צו דעם קָול פון מיינע קריגער.
20 זאָל פאַר אַ טובה אַ רעה באַצאָלט ווערן?
וואָרום זיי האָבן געגראָבן אַ גרוב פאַר מיין לעבן.
געדענק מיין שטיין פאַר דיר,
צו רעדן גוטס אויף זיי,
אָפּצוקערן דיין גרימצאָרן פון זיי.
21 דרום גיב זייערע קינדער צום הונגער,
און שליידער זיי אין דער מאַכט פון שווערד;

נְשֵׁיהֶם שַׁכֻּלוֹת וְאַלְמָנוֹת וְאַנְשֵׁיהֶם יִהְיוּ הֲרֻגֵי מָוֶת
בַּחוּרֵיהֶם מֻכֵּי־חֶרֶב בַּמִּלְחָמָה׃ תִּשָּׁמַע זְעָקָה מִבָּתֵּיהֶם כב
כִּי־תָבִיא עֲלֵיהֶם גְּדוּד פִּתְאֹם כִּי־כָרוּ שִׁיחָה לְלָכְדֵנִי
וּפַחִים טָמְנוּ לְרַגְלָי׃ וְאַתָּה יְהוָה יָדַעְתָּ אֶת־כָּל־עֲצָתָם כג
עָלַי לַמָּוֶת אַל־תְּכַפֵּר עַל־עֲוֺנָם וְחַטָּאתָם מִלְּפָנֶיךָ אַל־
תֶּמְחִי וְהָיוּ מֻכְשָׁלִים לְפָנֶיךָ בְּעֵת אַפְּךָ עֲשֵׂה בָהֶם׃

יט

כֹּה אָמַר יְהוָה הָלֹךְ וְקָנִיתָ בַקְבֻּק יוֹצֵר חָרֶשׂ וּמִזִּקְנֵי הָעָם א
וּמִזִּקְנֵי הַכֹּהֲנִים׃ וְיָצָאתָ אֶל־גֵּיא בֶן־הִנֹּם אֲשֶׁר פֶּתַח שַׁעַר ב
הַחַרְסוּת וְקָרָאתָ שָּׁם אֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר־אֲדַבֵּר אֵלֶיךָ׃
וְאָמַרְתָּ שִׁמְעוּ דְבַר־יְהוָה מַלְכֵי יְהוּדָה וְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִָם ג
כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הִנְנִי מֵבִיא רָעָה
עַל־הַמָּקוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר כָּל־שֹׁמְעָהּ תִּצַּלְנָה אָזְנָיו׃ יַעַן ׀ ד
אֲשֶׁר עֲזָבֻנִי וַיְנַכְּרוּ אֶת־הַמָּקוֹם הַזֶּה וַיְקַטְּרוּ־בוֹ לֵאלֹהִים
אֲחֵרִים אֲשֶׁר לֹא־יְדָעוּם הֵמָּה וַאֲבוֹתֵיהֶם וּמַלְכֵי יְהוּדָה
וּמָלְאוּ אֶת־הַמָּקוֹם הַזֶּה דַּם נְקִיִּם׃ וּבָנוּ אֶת־בָּמוֹת הַבַּעַל ה
לִשְׂרֹף אֶת־בְּנֵיהֶם בָּאֵשׁ עֹלוֹת לַבָּעַל אֲשֶׁר לֹא־צִוִּיתִי
וְלֹא דִבַּרְתִּי וְלֹא עָלְתָה עַל־לִבִּי׃ לָכֵן הִנֵּה־יָמִים ו
בָּאִים נְאֻם־יְהוָה וְלֹא־יִקָּרֵא לַמָּקוֹם הַזֶּה עוֹד הַתֹּפֶת וְגֵיא
בֶן־הִנֹּם כִּי אִם־גֵּיא הַהֲרֵגָה׃ וּבַקֹּתִי אֶת־עֲצַת יְהוּדָה ז
וִירוּשָׁלִַם בַּמָּקוֹם הַזֶּה וְהִפַּלְתִּים בַּחֶרֶב לִפְנֵי אֹיְבֵיהֶם
וּבְיַד מְבַקְשֵׁי נַפְשָׁם וְנָתַתִּי אֶת־נִבְלָתָם לְמַאֲכָל לְעוֹף
הַשָּׁמַיִם וּלְבֶהֱמַת הָאָרֶץ׃ וְשַׂמְתִּי אֶת־הָעִיר הַזֹּאת ח
לְשַׁמָּה וְלִשְׁרֵקָה כֹּל עֹבֵר עָלֶיהָ יִשֹּׁם וְיִשְׁרֹק עַל־כָּל־
מַכֹּתֶהָ׃ וְהַאֲכַלְתִּים אֶת־בְּשַׂר בְּנֵיהֶם וְאֵת בְּשַׂר בְּנֹתֵיהֶם ט
וְאִישׁ בְּשַׂר־רֵעֵהוּ יֹאכֵלוּ בְּמָצוֹר וּבְמָצוֹק אֲשֶׁר יָצִיקוּ
לָהֶם אֹיְבֵיהֶם וּמְבַקְשֵׁי נַפְשָׁם׃ וְשָׁבַרְתָּ הַבַּקְבֻּק לְעֵינֵי

יח, כב׳ שוחה קרי   כג׳ ויהיו קרי   יט, ב׳ החרסית קרי

און זאָלן זייערע ווייבער בלייבן אָן קינדער, און
אַלמנות,
און זייערע מענער זאָלן זיין הרוגים פון פּעסט,
זייערע בּחורים, דערשלאָגן פון שווערד אין מלחמה.
22 זאָל זיך הערן אַ געשריי פון זייערע הייזער,
ווען דו וועסט ברענגען אויף זיי פּלוצים אַ מחנה;
וואָרום זיי האָבן געגראָבן אַ גרוב מיך צו פאַנגען,
און נעצן באַהאַלטן פאַר מיינע פיס.
23 און דו, גאָט, ווייסט
זייער גאַנצן באַראָט מיך צו טייטן;
ניט פאַרגעבן זאָלסטו זייער פאַרברעך,
און ניט פאַרמעקן זאָלסטו זייער זינד פון פאַר דיר,
און זאָלן זיי געשטרויכלט ווערן פאַר דיר;
אין צייט פון דיין צאָרן רעכן זיך מיט זיי.

יט

1 אַזוי האָט גאָט געזאָגט: גיי און זאָלסט דיר קויפן אַ טעפּערקרוג און [נעם מיט] פון די עלטסטע פון פאָלק, און פון די עלטסטע פון די כּהנים, 2 און זאָלסט אַרויסגיין צום טאָל פון בּן־הנום, וואָס ביים איינגאַנג פון טויער חרסית, און אויסרופן דאָרטן די ווערטער וואָס איך וועל רעדן צו דיר, 3 און זאָלסט זאָגן:

הערט דאָס וואָרט פון גאָט, איר מלכים פון יהודה,
און באַוווינער פון ירושלים:
אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבאות,
דער גאָט פון ישראל:
זע, איך ברענג אַן אומגליק אויף דעמדאָזיקן אָרט,
אַז איטלעכער וואָס הערט עס, וועלן אים די אויערן
קלינגען;
4 פאַרוואָס זיי האָבן מיך פאַרלאָזן,
און האָבן פאַרפרעמדט דעמדאָזיקן אָרט,
און גערייכערט אין אים צו פרעמדע געטער,
וואָס ניט זיי, און ניט זייערע עלטערן,
און ניט די מלכים פון יהודה, האָבן זיי געקענט;
און זיי האָבן אָנגעפילט דעמדאָזיקן אָרט
מיט בלוט פון אומשולדיקע.
5 און זיי האָבן געבויט די בּמות צו בּעל,
צו פאַרברענען זייערע קינדער אין פייער,
בראַנדאָפּפער צו בּעל,
וואָס ניט איך האָב באַפוילן, און ניט איך האָב
גערעדט,
און ניט עס איז מיר אויפן זינען אַרויפגעקומען.
6 דרום זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און דערדאָזיקער אָרט וועט ניט מער גערופן ווערן
„תּופת",
און „דער טאָל פון בּן־הנום",
נייערט „דער טאָל פון טייטונג".
7 און איך וועל מאַכן צו נישט
דעם באַראָט פון יהודה און ירושלים אין דעמדאָזיקן אָרט,
און וועל זיי מאַכן פאַלן דורכן שווערד פאַר זייערע פיינט,
און דורך דער האַנט פון די וואָס זוכן זייער לעבן;
און איך וועל געבן זייערע טויטע לייבער
צו שפּייז פאַרן פויגל פון הימל,
און פאַר דער חיה פון דער ערד.
8 און איך וועל מאַכן דידאָזיקע שטאָט
פאַר אַ שרעק און פאַר אַ שמוצערונג;
איטלעכער וואָס גייט איר פאַרביי וועט זיך דערשרעקן,
און וועט שמוצערן אויף אַלע אירע פּלאָגן.
9 און איך וועל זיי מאַכן עסן דאָס פלייש פון זייערע זין,
און דאָס פלייש פון זייערע טעכטער,
און איינער דעם אַנדערנס פלייש וועלן זיי עסן,
אין דער באַלעגערונג און אין דער דריקונג,
וואָס זייערע פיינט, און די וואָס זוכן זייער לעבן,
וועלן זיי דריקן.

[10] און זאָלסט צעבּרעכן דעם קרוג פאַר די אויגן פון
די מענטשן וואָס גייען מיט דיר, [11] און זאָלסט זאָגן צו זיי:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאות:
אַזוי וועל איך צעבּרעכן דאָסדאָזיקע פאָלק
און דידאָזיקע שטאָט,
אַזוי ווי מע צעבּרעכט אַ כּלי פון אַ טעפּער,
אַז זי קען ניט מער פאַרריכט ווערן;
און מע וועט בּאַגראָבן אין תּופֶת,
ווייל מער קיין אָרט וועט ניט זיין אויף צו בּאַגראָבן.
[12] אַזוי וועל איך טאָן צו דעמדאָזיקן אָרט, זאָגט גאָט,
און צו זיינע בּאַוואוינער,
כּדי צו מאַכן דידאָזיקע שטאָט אַזוי ווי תּופֶת.
[13] און די הייזער פון ירושָלַיִם,
און די הייזער פון די מלכים פון יהודה, די אומריינע,
וועלן זיין אַזוי ווי דער אָרט פון תּופֶת—
אַלע הייזער וואָס מע האָט געריכערט אויף זייערע
דעכער
צום גאַנצן חיל פון הימל,
און געגאָסן גיסאָפּפער צו פרעמדע געטער.
[14] און יִרמְיָהו איז געקומען פון תּופֶת, וואָס גאָט האָט
אים אַהין געשיקט נביאות זאָגן, און ער האָט זיך געשטעלט
אין הויף פון גאָטס הויז, און האָט געזאָגט צום גאַנצן פאָלק:
[15] אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבָאות,
דער גאָט פון ישׂראל:
זע, איך בּרענג אויף דעמדאָזיקן כּרַך,
און אויף אַלע זיינע שטעט,
דאָס גאַנצע בּייז וואָס איך האָב אָנגעזאָגט אויף אים,
ווייל זיי האָבן האַרט געמאַכט זייער נאַקן,
ניט צוצוהערן מיינע ווערטער.

יא הָאֲנָשִׁים הַהֹלְכִים אוֹתָךְ׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה־אָמַר ׀
יְהוָה צְבָאוֹת כָּכָה אֶשְׁבֹּר אֶת־הָעָם הַזֶּה וְאֶת־הָעִיר הַזֹּאת
כַּאֲשֶׁר יִשְׁבֹּר אֶת־כְּלִי הַיּוֹצֵר אֲשֶׁר לֹא־יוּכַל לְהֵרָפֵה
יב עוֹד וּבְתֹפֶת יִקְבְּרוּ מֵאֵין מָקוֹם לִקְבּוֹר׃ כֵּן־אֶעֱשֶׂה
לַמָּקוֹם הַזֶּה נְאֻם־יְהוָה וּלְיוֹשְׁבָיו וְלָתֵת אֶת־הָעִיר הַזֹּאת
יג כְּתֹפֶת׃ וְהָיוּ בָּתֵּי יְרוּשָׁלַםִ וּבָתֵּי מַלְכֵי יְהוּדָה כִּמְקוֹם
הַתֹּפֶת הַטְּמֵאִים לְכֹל הַבָּתִּים אֲשֶׁר קִטְּרוּ עַל־גַּגֹּתֵיהֶם
לְכֹל צְבָא הַשָּׁמַיִם וְהַסֵּךְ נְסָכִים לֵאלֹהִים אֲחֵרִים׃
יד וַיָּבֹא יִרְמְיָהוּ מֵהַתֹּפֶת אֲשֶׁר שְׁלָחוֹ יְהוָה שָׁם לְהִנָּבֵא
טו וַיַּעֲמֹד בַּחֲצַר בֵּית־יְהוָה וַיֹּאמֶר אֶל־כָּל־הָעָם׃ כֹּה־אָמַר
יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הִנְנִי מֵבִי אֶל־הָעִיר הַזֹּאת
וְעַל־כָּל־עָרֶיהָ אֵת כָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי עָלֶיהָ כִּי
הִקְשׁוּ אֶת־עָרְפָּם לְבִלְתִּי שְׁמוֹעַ אֶת־דְּבָרָי׃

כ

א וַיִּשְׁמַע פַּשְׁחוּר בֶּן־אִמֵּר הַכֹּהֵן וְהוּא־פָקִיד נָגִיד בְּבֵית
ב יְהוָה אֶת־יִרְמְיָהוּ נִבָּא אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ וַיַּכֶּה פַשְׁחוּר
אֵת יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא וַיִּתֵּן אֹתוֹ עַל־הַמַּהְפֶּכֶת אֲשֶׁר בְּשַׁעַר
ג בִּנְיָמִן הָעֶלְיוֹן אֲשֶׁר בְּבֵית יְהוָה׃ וַיְהִי מִמָּחֳרָת וַיֹּצֵא
פַשְׁחוּר אֶת־יִרְמְיָהוּ מִן־הַמַּהְפָּכֶת וַיֹּאמֶר אֵלָיו יִרְמְיָהוּ
לֹא פַשְׁחוּר קָרָא יְהוָה שְׁמֶךָ כִּי אִם־מָגוֹר מִסָּבִיב׃
ד כִּי־כֹה אָמַר יְהוָה הִנְנִי נֹתֶנְךָ לְמָגוֹר לְךָ ׀ וּלְכָל־אֹהֲבֶיךָ
וְנָפְלוּ בְּחֶרֶב אֹיְבֵיהֶם וְעֵינֶיךָ רֹאוֹת וְאֶת־כָּל־יְהוּדָה אֶתֵּן
ה בְּיַד מֶלֶךְ־בָּבֶל וְהִגְלָם בָּבֶלָה וְהִכָּם בֶּחָרֶב׃ וְנָתַתִּי אֶת־
כָּל־חֹסֶן הָעִיר הַזֹּאת וְאֶת־כָּל־יְגִיעָהּ וְאֶת־כָּל־יְקָרָהּ וְאֵת
כָּל־אוֹצְרוֹת מַלְכֵי יְהוּדָה אֶתֵּן בְּיַד אֹיְבֵיהֶם וּבְזָזוּם וּלְקָחוּם
ו וֶהֱבִיאוּם בָּבֶלָה׃ וְאַתָּה פַשְׁחוּר וְכֹל יֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ תֵּלְכוּ
בַּשֶּׁבִי וּבָבֶל תָּבוֹא וְשָׁם תָּמוּת וְשָׁם תִּקָּבֵר אַתָּה וְכָל־

יט, יא׳ ה נמקם א     טו׳ מבא קי

כ [1] און פַּשחור דער זון פון אִמֵר דעם כּהן, וואָס איז
געווען דער אויבּעראויפזעער אין הויז פון גאָט
האָט געהערט יִרמְיָהון נביאות זאָגן דידאָזיקע ווערטער. [2] און פַּשחור האָט געשלאָגן יִרמְיָהו הנביאן, און האָט אים
אַריינגעשטעלט אין דעם צוואַנגקלאָץ וואָס אין אויבּערשטן טויער פון בּנימין, וואָס אין הויז פון גאָט. [3] און עס איז
געווען אויף מאָרגן, אַז פַּשחור האָט אַרויסגענומען יִרמְיָהון פון צוואַנגקלאָץ, האָט יִרמְיָהו צו אים געזאָגט: ניט פַּשחור
האָט גאָט גערופן דיין נאָמען, נייערט מָגור־מִסָבִיב[א].

[4] וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, איך מאַך דיך פאַר אַ שרעק פאַר דיר אַליין,
און פאַר אַלע דיינע ליבּהאָבּער;
און זיי וועלן פאַלן דורך דער שווערד פון זייערע פיינט,
און דיינע אויגן וועלן עס צוזען;
און גאַנץ יהודה וועל איך געבּן
אין דער האַנט פון דעם מלך פון בָּבל,
און ער וועט זיי פאַרטרייבּן קיין בָּבל,
און וועט זיי דערשלאָגן מיטן שווערד.
[5] און איך וועל געבּן אַלדאָס רייכטום פון דערדאָזיקער שטאָט,
און אַל איר מי, און אַל איר טייערקייט,
אויך אַלע אוצרות פון די מלכים פון יהודה
וועל איך געבּן, אין דער האַנט פון זייערע פיינט,
און זיי וועלן זיי צערויבּן,
און וועלן זיי נעמען און זיי בּרענגען קיין בָּבל.
[6] און דו, פַּשחור, און אַלע בּאַוואוינער פון דיין הויז,
וועט גיין אין געפאַנגענשאַפט,
און קיין בָּבל וועסטו קומען,
און דאָרטן וועסטו שטאַרבּן,
און דאָרטן וועסטו בּאַגראָבן ווערן,

[א] אַ שרעק רונד אַרום.

ז אֹהֲבֶיךָ אֲשֶׁר־נִבֵּאתָ לָהֶם בַּשָּׁקֶר׃ פִּתִּיתַנִי יְהוָה
וָאֶפָּת חֲזַקְתַּנִי וַתּוּכָל הָיִיתִי לִשְׂחוֹק כָּל־הַיּוֹם כֻּלֹּה לֹעֵג
ח לִי׃ כִּי־מִדֵּי אֲדַבֵּר אֶזְעָק חָמָס וָשֹׁד אֶקְרָא כִּי־הָיָה
ט דְבַר־יְהוָה לִי לְחֶרְפָּה וּלְקֶלֶס כָּל־הַיּוֹם׃ וְאָמַרְתִּי לֹא־
אֶזְכְּרֶנּוּ וְלֹא־אֲדַבֵּר עוֹד בִּשְׁמוֹ וְהָיָה בְלִבִּי כְּאֵשׁ בֹּעֶרֶת
י עָצֻר בְּעַצְמֹתָי וְנִלְאֵיתִי כַּלְכֵל וְלֹא אוּכָל׃ כִּי שָׁמַעְתִּי
דִּבַּת רַבִּים מָגוֹר מִסָּבִיב הַגִּידוּ וְנַגִּידֶנּוּ כֹּל אֱנוֹשׁ שְׁלֹמִי
שֹׁמְרֵי צַלְעִי אוּלַי יְפֻתֶּה וְנוּכְלָה לוֹ וְנִקְחָה נִקְמָתֵנוּ מִמֶּנּוּ׃
יא וַיהוָה אוֹתִי כְּגִבּוֹר עָרִיץ עַל־כֵּן רֹדְפַי יִכָּשְׁלוּ וְלֹא יֻכָלוּ
בֹּשׁוּ מְאֹד כִּי־לֹא הִשְׂכִּילוּ כְּלִמַּת עוֹלָם לֹא תִשָּׁכֵחַ׃
יב וַיהוָה צְבָאוֹת בֹּחֵן צַדִּיק רֹאֶה כְלָיוֹת וָלֵב אֶרְאֶה נִקְמָתְךָ
יג מֵהֶם כִּי אֵלֶיךָ גִּלִּיתִי אֶת־רִיבִי׃ שִׁירוּ לַיהוָה הַלְלוּ
אֶת־יְהוָה כִּי הִצִּיל אֶת־נֶפֶשׁ אֶבְיוֹן מִיַּד מְרֵעִים׃
יד אָרוּר הַיּוֹם אֲשֶׁר יֻלַּדְתִּי בּוֹ יוֹם אֲשֶׁר־יְלָדַתְנִי אִמִּי אַל־
טו יְהִי בָרוּךְ׃ אָרוּר הָאִישׁ אֲשֶׁר בִּשַּׂר אֶת־אָבִי לֵאמֹר יֻלַּד־
טז לְךָ בֵּן זָכָר שַׂמֵּחַ שִׂמְּחָהוּ׃ וְהָיָה הָאִישׁ הַהוּא כֶּעָרִים
אֲשֶׁר־הָפַךְ יְהוָה וְלֹא נִחָם וְשָׁמַע זְעָקָה בַּבֹּקֶר וּתְרוּעָה
יז בְּעֵת צָהֳרָיִם׃ אֲשֶׁר לֹא־מוֹתְתַנִי מֵרָחֶם וַתְּהִי־לִי אִמִּי
יח קִבְרִי וְרַחְמָה הֲרַת עוֹלָם׃ לָמָּה זֶּה מֵרֶחֶם יָצָאתִי לִרְאוֹת
עָמָל וְיָגוֹן וַיִּכְלוּ בְּבֹשֶׁת יָמָי׃

כא

א הַדָּבָר אֲשֶׁר־הָיָה אֶל־יִרְמְיָהוּ מֵאֵת יְהוָה בִּשְׁלֹחַ אֵלָיו
הַמֶּלֶךְ צִדְקִיָּהוּ אֶת־פַּשְׁחוּר בֶּן־מַלְכִּיָּה וְאֶת־צְפַנְיָה בֶן־
ב מַעֲשֵׂיָה הַכֹּהֵן לֵאמֹר׃ דְּרָשׁ־נָא בַעֲדֵנוּ אֶת־יְהוָה כִּי
נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל נִלְחָם עָלֵינוּ אוּלַי יַעֲשֶׂה יְהוָה
ג אוֹתָנוּ כְּכָל־נִפְלְאֹתָיו וְיַעֲלֶה מֵעָלֵינוּ׃ וַיֹּאמֶר יִרְמְיָהוּ
ד אֲלֵיהֶם כֹּה תֹאמְרֻן אֶל־צִדְקִיָּהוּ׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי

כ, ח׳ קמץ בז״ק ט׳ כצ״ל י׳ הל רפה

דו און אַלע דיינע ליבהאָבער
וואָס דו האָסט זיי נביאות געזאָגט מיט ליגן.

7 האָסט מיך איבערגערעדט, גאָט,
און איך בין איבערגערעדט געוואָרן,
האָסט מיך איבערגעשטאַרקט, און ביסט בייגעקומען;
איך בין געוואָרן צום געלעכטער אַ גאַנצן טאָג,
איטלעכער טוט שפּעטן פון מיר.
8 וואָרום ווען נאָר איך רעד, טו איך שרייען,
„אומרעכט און רויב!" רוף איך אויס.
פאַרוואָר, דאָס וואָרט פון גאָט איז מיר געוואָרן
צו שאַנד און צו לעסטערונג אַ גאַנצן טאָג.
9 און איך האָב געוועסט געזאָגט: איך וועל אים ניט דער־
מאָנען,
און וועל מער ניט רעדן אין זיין נאָמען;
אָבער עס איז אין מיין האַרצן ווי אַ ברענענדיק פייער,
איינגעשלאָסן אין מיינע ביינער,
און איך מאַטער זיך עס איינצוהאַלטן,
אָבער איך קען ניט.
10 יאָ, איך האָב געהערט די בייזע רייד פון פיל,
אַ שרעק רונד אַרום:
„מַסרט, און לאָמיר אים פאַרמַסרן!"
אַלע מיינע גוטע פריינט
לויערן אויף מיין בראָך:
אפשר וועט ער פאַרנאַרט ווערן,
און מיר וועלן אים בייקומען,
און נעמען אונדזער נקמה פון אים.
11 אָבער גאָט איז מיט מיר
ווי אַ גיבור אַ מאַכטיקער,
דרום וועלן מיינע נאָכיאָגער געשטרויכלט ווערן,
און וועלן ניט אויספירן;
זיי ווערן פאַרשעמט זייער, ווייל זיי האָבן ניט באַגליקט,
אַן אייביקע שאַנד וואָס וועט ניט פאַרגעסן ווערן.
12 און דו גאָט פון צבָאות, וואָס פּרוּווסט דעם גערעכטן,
וואָס זעסט די נירן און דאָס האַרץ,
לאָמיך זען דיין נקמה פון זיי,
וואָרום צו דיר האָב איך אַנטפּלעקט מיין קריג.

13 זינגט צו גאָט,
טוט לויבן גאָט,
וואָרום ער האָט מציל געווען די זעל פון דעם אָרימען
פון דער האַנט פון די שלעכטסטוער.

14 פאַרשאָלטן דער טאָג
וואָס איך בין אין אים געבאָרן געוואָרן!
דער טאָג וואָס מיין מוטער האָט מיך געבאָרן
זאָל זיין ניט געבענטשט!
15 פאַרשאָלטן דער מענטש וואָס האָט מיין פאָטער
די בשׂורה געבראַכט, אַזוי צו זאָגן:
אַ ייִנגל איז דיר געבאָרן געוואָרן;
פרייען דערפרייט האָט ער אים!
16 יענער מענטש זאָל זיין ווי די שטעט
וואָס גאָט האָט איבערגעקערט און ניט דערבאַרימט;
און ער זאָל הערן אַ יללה אין דער פרי,
און אַ געשריי אין מיטן טאָג;
17 פאַרוואָס ער[א] האָט מיך ניט געטייט פון טראַכט,
אַז מיין מוטער זאָל מיין קבר זיין,
און איר טראַכט אייביק טראָגעדיק.
18 נאָך וואָס גאָר בין איך פון טראַכט אַרויס
צו זען מאַטערניש און קומער,
און אויסגיין אין שאַנד זאָלן מיינע טעג?

כא 1 דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו ירמיָהון פון גאָט, ווען דער מלך צדקיָהו האָט צו אים געשיקט פּשחור דעם זון פון מַלכּיָהן, און צפַניָה דעם זון פון מַעֲשֵׂיָהן, דעם כּהן, אַזוי צו זאָגן: 2 פרעג, איך בעט דיך, פאַר אונדז בײַ גאָט, וואָרום נבוכַדרֶאצַר דער מלך פון בָבל האַלט מלחמה אויף אונדז; אפשר וועט גאָט טאָן מיט אונדז אַזוי ווי אַלע זיינע וווּנדער, און ער וועט אָפּציִען פון אונדז.
3 האָט ירמיָהו צו זיי געזאָגט: אַזוי זאָלט איר זאָגן צו צדקיָהון:

[א] גאָט.

4 אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל:
זע, איך דריי אום די כּלי־מלחמה וואָס אין אייער האַנט,
וואָס איר האַלט דערמיט מלחמה דרויסן פון דער
מויער
אַקעגן דעם מלך פון בּבל,
און אַקעגן די כּשׂדים, וואָס לעגערן אויף אייך,
און איך וועל זיי איינזאַמלען אין דערדאָזיקער שטאָט.
5 און איך גופא וועל מלחמה האַלטן מיט אייך,
מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און מיט אַ שטאַרקן
אָרעם,
און מיט כּעס, און מיט גרים, און מיט גרויס צאָרן.
6 און איך וועל שלאָגן די באַוווינער פון דערדאָזיקער
שטאָט,
אי מענטש אי בהמה;
פון אַ גרויסער פּעסט וועלן זיי שטאַרבן.
7 און דערנאָך, זאָגט גאָט,
וועל איך געבן צדקיָהו דעם מלך פון יהודה,
און זיינע קנעכט, און דאָס פאָלק,
די וואָס זיינען איבערגעבליבן אין דערדאָזיקער שטאָט
פון דער פּעסט, פון דער שווערד, און פון דעם הונגער,
אין דער האַנט פון נבוכדרעאצר דעם מלך פון בּבל,
און אין דער האַנט פון זייערע פיינט,
און אין דער האַנט פון די וואָס זוכן זייער לעבן;
און ער וועט זיי דערשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד;
ער וועט זיי ניט שוינען,
און וועט ניט דערבאַרימען און ניט רחמנות האָבן.

8 און צו דעמדאָזיקן פאָלק זאָלסטו זאָגן:
אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, איך לייג פאַר אייך דעם וועג פון לעבן
און דעם וועג פון טויט.
9 דער וואָס בלייבט זיצן אין דערדאָזיקער שטאָט,
וועט שטאַרבן פון שווערד,
און פון הונגער, און פון פּעסט,
אָבער דער וואָס גייט אַרויס
און וועט צופאַלן צו די כּשׂדים וואָס לעגערן אויף אייך,
וועט בלייבן לעבן,
און זיין נפש וועט אים זיין צום געווינס.
10 וואָרום איך האָב געטאָן מיין פּנים קעגן דערדאָזיקער
שטאָט
צום בייזן און ניט צום גוטן, זאָגט גאָט;
אין דער האַנט פון דעם מלך פון בּבל
וועט זי איבערגעגעבן ווערן
און ער וועט זי פאַרברענען אין פייער.

11 און צום הויז פון דעם מלך פון יהודה:
הערט דאָס וואָרט פון גאָט.
12 הויז פון דוד, אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
האַלט אַ משפט אין דער פרי,
און זייט מציל דעם באַגזלטן פון דעם דריקערס האַנט,
כּדי מיין גרימצאָרן זאָל ניט אַרויסניין ווי אַ פייער,
און ברענען אַז קיין לעשער זאָל ניט זיין,
פון וועגן אייערע בייזע מעשׂים.

13 זע, איך קום צו דיר, באַוווינערין פון טאָל,
דו פעלז פון פּלוין, זאָגט גאָט;
איר וואָס זאָגט: ווער וועט נידערן אויף אונדז?
און ווער וועט קומען אין אונדזערע וווינונגען?
14 און איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט אייך
לויט דער פרוכט פון אייערע מעשׂים, זאָגט גאָט;
און איך וועל אָנצינדן אַ פייער אין איר וואַלד,
און עס וועט פאַרצערן אַלץ וואָס אַרום איר.

יִשְׂרָאֵל הִנְנִי מֵסֵב אֶת־כְּלֵי הַמִּלְחָמָה אֲשֶׁר בְּיֶדְכֶם אֲשֶׁר
אַתֶּם נִלְחָמִים בָּם אֶת־מֶלֶךְ בָּבֶל וְאֶת־הַכַּשְׂדִּים הַצָּרִים
עֲלֵיכֶם מִחוּץ לַחוֹמָה וְאָסַפְתִּי אוֹתָם אֶל־תּוֹךְ הָעִיר
ה הַזֹּאת׃ וְנִלְחַמְתִּי אֲנִי אִתְּכֶם בְּיָד נְטוּיָה וּבִזְרוֹעַ חֲזָקָה
ו וּבְאַף וּבְחֵמָה וּבְקֶצֶף גָּדוֹל׃ וְהִכֵּיתִי אֶת־יוֹשְׁבֵי הָעִיר
הַזֹּאת וְאֶת־הָאָדָם וְאֶת־הַבְּהֵמָה בְּדֶבֶר גָּדוֹל יָמֻתוּ׃
ז וְאַחֲרֵי־כֵן נְאֻם־יְהוָה אֶתֵּן אֶת־צִדְקִיָּהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה וְאֶת־
עֲבָדָיו וְאֶת־הָעָם וְאֶת־הַנִּשְׁאָרִים בָּעִיר הַזֹּאת מִן־הַדֶּבֶר
מִן־הַחֶרֶב וּמִן־הָרָעָב בְּיַד נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל וּבְיַד
אֹיְבֵיהֶם וּבְיַד מְבַקְשֵׁי נַפְשָׁם וְהִכָּם לְפִי־חֶרֶב לֹא־יָחוּס
ח עֲלֵיהֶם וְלֹא יַחְמֹל וְלֹא יְרַחֵם׃ וְאֶל־הָעָם הַזֶּה תֹּאמַר
כֹּה אָמַר יְהוָה הִנְנִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם אֶת־דֶּרֶךְ הַחַיִּים וְאֶת־
ט דֶּרֶךְ הַמָּוֶת׃ הַיֹּשֵׁב בָּעִיר הַזֹּאת יָמוּת בַּחֶרֶב וּבָרָעָב
וּבַדָּבֶר וְהַיּוֹצֵא וְנָפַל עַל־הַכַּשְׂדִּים הַצָּרִים עֲלֵיכֶם יִחְיֶה
י וְהָיְתָה־לּוֹ נַפְשׁוֹ לְשָׁלָל׃ כִּי שַׂמְתִּי פָנַי בָּעִיר הַזֹּאת
לְרָעָה וְלֹא לְטוֹבָה נְאֻם־יְהוָה בְּיַד־מֶלֶךְ בָּבֶל תִּנָּתֵן וּשְׂרָפָהּ
יא יב בָּאֵשׁ׃ וּלְבֵית מֶלֶךְ יְהוּדָה שִׁמְעוּ דְּבַר־יְהוָה׃ בֵּית דָּוִד
כֹּה אָמַר יְהוָה דִּינוּ לַבֹּקֶר מִשְׁפָּט וְהַצִּילוּ גָזוּל מִיַּד עוֹשֵׁק
פֶּן־תֵּצֵא כָאֵשׁ חֲמָתִי וּבָעֲרָה וְאֵין מְכַבֶּה מִפְּנֵי רֹעַ
יג מַעַלְלֵיהֶם׃ הִנְנִי אֵלַיִךְ יֹשֶׁבֶת הָעֵמֶק צוּר הַמִּישֹׁר נְאֻם־
יְהוָה הָאֹמְרִים מִי־יֵחַת עָלֵינוּ וּמִי יָבוֹא בִּמְעוֹנוֹתֵינוּ׃
יד וּפָקַדְתִּי עֲלֵיכֶם כִּפְרִי מַעַלְלֵיכֶם נְאֻם־יְהוָה וְהִצַּתִּי אֵשׁ
בְּיַעְרָהּ וְאָכְלָה כָּל־סְבִיבֶיהָ׃

## כב

א כֹּה אָמַר יְהוָה רֵד בֵּית־מֶלֶךְ יְהוּדָה וְדִבַּרְתָּ שָּׁם אֶת־
ב הַדָּבָר הַזֶּה׃ וְאָמַרְתָּ שְׁמַע דְּבַר־יְהוָה מֶלֶךְ יְהוּדָה הַיֹּשֵׁב
עַל־כִּסֵּא דָוִד אַתָּה וַעֲבָדֶיךָ וְעַמְּךָ הַבָּאִים בַּשְּׁעָרִים

כא, ט׳ וחיה קרי   יב׳ מעלליכם קרי

## כב

1 אַזוי האָט גאָט געזאָגט: נידער אַראָפּ צום הויז פון דעם מלך פון יהודה, און זאָלסט רעדן דאָרטן דאָסדאָזיקע
וואָרט, 2 און זאָגן: הער דאָס וואָרט פון גאָט, דו מלך פון יהודה וואָס זיצסט אויפן טראָן פון דוד, דו, און

הָאֵלֶּה׃ ג כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה עֲשׂוּ מִשְׁפָּט וּצְדָקָה וְהַצִּילוּ
גָזוּל מִיַּד עָשׁוֹק וְגֵר יָתוֹם וְאַלְמָנָה אַל־תֹּנוּ אַל־תַּחְמֹסוּ
ד וְדָם נָקִי אַל־תִּשְׁפְּכוּ בַּמָּקוֹם הַזֶּה׃ כִּי אִם־עָשׂוֹ תַּעֲשׂוּ
אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה וּבָאוּ בְשַׁעֲרֵי הַבַּיִת הַזֶּה מְלָכִים יֹשְׁבִים
לְדָוִד עַל־כִּסְאוֹ רֹכְבִים בָּרֶכֶב וּבַסּוּסִים הוּא וַעֲבָדָו וְעַמּוֹ׃
ה וְאִם לֹא תִשְׁמְעוּ אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה בִּי נִשְׁבַּעְתִּי נְאֻם־
ו יְהוָה כִּי־לְחָרְבָּה יִהְיֶה הַבַּיִת הַזֶּה׃ כִּי־כֹה ׀ אָמַר
יְהוָה עַל־בֵּית מֶלֶךְ יְהוּדָה גִּלְעָד אַתָּה לִי רֹאשׁ הַלְּבָנוֹן
ז אִם־לֹא אֲשִׁיתְךָ מִדְבָּר עָרִים לֹא נוֹשָׁבָה׃ וְקִדַּשְׁתִּי עָלֶיךָ
מַשְׁחִתִים אִישׁ וְכֵלָיו וְכָרְתוּ מִבְחַר אֲרָזֶיךָ וְהִפִּילוּ עַל־
ח הָאֵשׁ׃ וְעָבְרוּ גּוֹיִם רַבִּים עַל הָעִיר הַזֹּאת וְאָמְרוּ אִישׁ
אֶל־רֵעֵהוּ עַל־מֶה עָשָׂה יְהוָה כָּכָה לָעִיר הַגְּדוֹלָה הַזֹּאת׃
ט וְאָמְרוּ עַל אֲשֶׁר עָזְבוּ אֶת־בְּרִית יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם וַיִּשְׁתַּחֲווּ
י לֵאלֹהִים אֲחֵרִים וַיַּעַבְדוּם׃ אַל־תִּבְכּוּ לְמֵת וְאַל־
תָּנֻדוּ לוֹ בְּכוּ בָכוֹ לַהֹלֵךְ כִּי לֹא יָשׁוּב עוֹד וְרָאָה אֶת־
יא אֶרֶץ מוֹלַדְתּוֹ׃ כִּי־כֹה אָמַר־יְהוָה אֶל־שַׁלֻּם בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ
מֶלֶךְ יְהוּדָה הַמֹּלֵךְ תַּחַת יֹאשִׁיָּהוּ אָבִיו אֲשֶׁר יָצָא מִן־
יב הַמָּקוֹם הַזֶּה לֹא־יָשׁוּב שָׁם עוֹד׃ כִּי בִּמְקוֹם אֲשֶׁר־הִגְלוּ
אֹתוֹ שָׁם יָמוּת וְאֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת לֹא־יִרְאֶה עוֹד׃
יג הוֹי בֹּנֶה בֵיתוֹ בְּלֹא־צֶדֶק וַעֲלִיּוֹתָיו בְּלֹא מִשְׁפָּט בְּרֵעֵהוּ
יד יַעֲבֹד חִנָּם וּפֹעֲלוֹ לֹא יִתֶּן־לוֹ׃ הָאֹמֵר אֶבְנֶה־לִּי בֵּית
מִדּוֹת וַעֲלִיּוֹת מְרֻוָּחִים וְקָרַע לוֹ חַלּוֹנָי וְסָפוּן בָּאָרֶז וּמָשׁוֹחַ
טו בַּשָּׁשַׁר׃ הֲתִמְלֹךְ כִּי אַתָּה מְתַחֲרֶה בָאָרֶז אָבִיךָ הֲלוֹא
טז אָכַל וְשָׁתָה וְעָשָׂה מִשְׁפָּט וּצְדָקָה אָז טוֹב לוֹ׃ דָּן דִּין־
יז עָנִי וְאֶבְיוֹן אָז טוֹב הֲלוֹא־הִיא הַדַּעַת אֹתִי נְאֻם־יְהוָה׃ כִּי
אֵין עֵינֶיךָ וְלִבְּךָ כִּי אִם־עַל־בִּצְעֶךָ וְעַל דַּם־הַנָּקִי לִשְׁפּוֹךְ
יח וְעַל־הָעֹשֶׁק וְעַל־הַמְּרוּצָה לַעֲשׂוֹת׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר

ג׳ ס״א ואל ד׳ ו׳במקום ה׳ ועבדו קרי ז׳ משם קרי
י׳ ו׳במקום ה׳ יד׳ קמץ מ״ק

דיינע קנעכט, און דיין פּאָלק, וואָס קומען אין דידאָזיקע טויערן. 3 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:

טוט רעכט און גערעכטיקייט, און זייט מציל דעם באַגזלטן פון דעם דריקערס האַנט; און אַ פרעמדן, אַ יתום, און אַן אַלמנה, זאָלט איר ניט קריוודען, ניט באַרויבן, און אומשולדיק בלוט זאָלט איר ניט פאַרגיסן אין דעמדאָזיקן אָרט. 4 וואָרום אויב טאָן וועט איר טאָן דידאָזיקע זאַך, וועלן קומען אין די טויערן פון דעמדאָזיקן הויז מלכים וואָס זיצן אויפן טראָן פון דוד, וואָס רייטן אויף רייטוועגן און אויף פערד, ער, און זיינע קנעכט, און זיין פאָלק. 5 אויב אָבער איר וועט ניט צוהערן דידאָזיקע ווערטער, שווער איך ביי מיר, זאָגט גאָט, אַז צו וויסט וועט ווערן דאָסדאָזיקע הויז. 6 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויף דעם הויז פון דעם מלך פון יהודה:

גִלעָד ביסטו מיר געווען,
דער שפּיץ פון לבָנוֹן;
אויב איך וועל דיך ניט מאַכן פאַר אַ מדבר,
פאַר שטעט ניט באַוווינטע!
7 און איך וועל אָנברייטן אויף דיר צעשטערער,
איטלעכן מיט זיין געצייג,
און זיי וועלן אָפּהאַקן דיינע געקליבענע צעדערן,
און אַריינוואַרפן אין פייער.

8 און פיל פעלקער וועלן פאַרבייגיין פאַרביי דער־דאָזיקער שטאָט, און זיי וועלן זאָגן איינער צום אַנדערן: פאַרוואָס האָט גאָט אַזוי געטאָן צו דערדאָזיקער גרויסער שטאָט? 9 און מע וועט זאָגן: פאַרוואָס זיי האָבן פאַרלאָזן דעם בונד פון יהוה זייער גאָט, און האָבן זיך געבוקט צו פרעמדע געטער, און זיי געדינט.

10 איר זאָלט ניט וויינען אויפן טויטן,
און ניט באַדויערן אויף אים;
וויינען וויינט אויף דעם וואָס גייט אַוועק,
וואָרום ער וועט זיך מער ניט אומקערן
און זען דאָס לאַנד פון זיין געבורט.

11 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויף שַלוּם דעם זון פון יאשִיָהו דעם מלך פון יהודה, וואָס האָט געקיניגט אויף דעם אָרט פון זיין פאָטער יאשִיָהון, און וואָס איז אַוועקגעגאַנגען פון דעמדאָזיקן אָרט: ער וועט זיך מער ניט אומקערן אַהין. 12 נייערט אין דעם אָרט וווהין מע האָט אים פאַרטריבן, דאָרטן וועט ער שטאַרבן, און דאָסדאָזיקע לאַנד וועט ער מער ניט אָנזען.

13 ווי, דער וואָס בויט זיין הויז מיט אומערלעכקייט,
און זיינע אויבערשטובן מיט אומרעכט;
וואָס אַרבעט מיט זיין חבר אומזיסט,
און גיט אים ניט זיין לוין;
14 וואָס זאָגט: איך וועל מיר אויפבויען אַ גרויס הויז,
און אויבערשטובן געראַמע;
און ער שניידט זיך אויס פענצטער;
און ער באַדעקט עס מיט צעדער,
און באַשמירט עס מיט פאַרב!
15 ווילסטו קיניגן, ווייל דו פאַרמעסט זיך מיט צעדער־
האָלץ?
דיין פאָטער, פאַרוואָר, האָט געגעסן און געטרונקען,
אָבער ער האָט געטאָן רעכט און גערעכטיקייט,
דרום איז אים גוט געווען.
16 ער האָט געמשפּט דעם משפּט פון אָרימאַן און אביון,
דרום איז געווען גוט.
פאַרוואָר, דאָס איז דערקענען מיך,
זאָגט גאָט.
17 אָבער דיינע אויגן און דיין האַרץ זיינען ניט מער
ווי נאָר אויף דיין געווין,
און אויף אומשולדיק בלוט צו פאַרגיסן,
און אויף רויב און אויף דריקונג צו באַגיין.

18 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט אויף יהויָקים דעם זון
פון יאשִיָהון דעם מלך פון יהודה:
מע וועט ניט קלאָגן אויף אים:
„ווי מיין ברודער!" און: „ווי שוועסטער!"
מע וועט ניט קלאָגן אויף אים:
„ווי האַר!" און: „ווי זיין גלאַנץ!"
19 די באַגרעבעניש פון אַן אייזל וועט ער באַגראָבן ווערן,
געשלעפּט און אַוועקגעוואָרפן,
אַוועק פון די טויערן פון ירושָלַיִם.
20 גיי אַרויף צום לבָנון און שריי,
און אין בָשָן לאָז אַרויס דיין קָול,
און שריי פון עֲבָרים,
וואָרום צעבראָכן זיינען אַלע דיינע ליבהאָבער.
21 איך האָב גערעדט צו דיר אין דיין שַלווה,
האָסטו געזאָגט: איך וויל ניט הערן;
דאָס איז דיין וועג פון דיין יוגנט אָן,
אַז דו הערסט ניט צו מיין קָול.
22 אַלע דיינע פּיטערער וועט פּיטערן דער ווינט,
און דיינע ליבהאָבער וועלן אין געפאַנגענשאַפט גיין;
ערשט דענסמאָל וועסטו זיך שעמען און צו שאַנד
ווערן
פון וועגן אַל דיין שלעכטיקייט.
23 דו באַוווינערין פון לבָנון,
דו אַיינגענעסטע אין צעדערן,
ווי באַחנט וועסטו זיין, ווען אויף דיר קומען ווייען,
אַ ווייטאָק ווי פון אַ געווינערין!

24 אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט,
ווען כָניָהו דער זון פון יהויָקימען, דער מלך פון יהודה,
זאָל זיין דער זיגלרינג אויף מיין רעכטער האַנט,
וועל איך דיך פון דאָרטן אַראָפּרייסן!
25 און איך וועל דיך געבן
אין דער האַנט פון די וואָס זוכן דיין לעבן,
און אין דער האַנט פון די וואָס דו שרעקסט זיך פאַר
זיי,
און אין דער האַנט פון נבוכַדרֶאצַר דעם מלך פון
בָבל,
און אין דער האַנט פון די כַשׂדים.
26 און איך וועל פאַרוואַרפן דיך,
און דיין מוטער וואָס האָט דיך געבאָרן,
אין אַן אַנדער לאַנד,
וואָס איר זייט דאָרטן ניט געבאָרן געוואָרן;
און דאָרטן וועט איר שטאַרבן.
27 און אין דעם לאַנד וואָס זייער האַרץ ציט זיי
זיך אומצוקערן אַהין,
אַהין וועלן זיי זיך ניט אומקערן.

28 איז אַ פאַראַכט געפעס אַ צעבראָכנס
דערדאָזיקער מאַן כָניָהו?
איז ער אַ כלי אַ נישטווערטיקע?
פאַרוואָס זיינען זיי פאַרוואָרפן געוואָרן, ער און זיין זאָמען,
און פאַרשליידערט אין דעם לאַנד וואָס זיי קענען ניט?
29 לאַנד, לאַנד, לאַנד,
הער דאָס וואָרט פון גאָט!

יְהוָה אֶל־יְהוֹיָקִים בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה לֹא־יִסְפְּדוּ לוֹ
הוֹי אָחִי וְהוֹי אָחוֹת לֹא־יִסְפְּדוּ לוֹ הוֹי אָדוֹן וְהוֹי הֹדֹה׃
יט קְבוּרַת חֲמוֹר יִקָּבֵר סָחוֹב וְהַשְׁלֵךְ מֵהָלְאָה לְשַׁעֲרֵי
כ יְרוּשָׁלָ͏ִם׃ עֲלִי הַלְּבָנוֹן וּצְעָקִי וּבַבָּשָׁן תְּנִי קוֹלֵךְ
כא וְצַעֲקִי מֵעֲבָרִים כִּי נִשְׁבְּרוּ כָּל־מְאַהֲבָיִךְ׃ דִּבַּרְתִּי אֵלַיִךְ
בְּשַׁלְוֺתַיִךְ אָמַרְתְּ לֹא אֶשְׁמָע זֶה דַרְכֵּךְ מִנְּעוּרַיִךְ כִּי לֹא־
כב שָׁמַעַתְּ בְּקוֹלִי׃ כָּל־רֹעַיִךְ תִּרְעֶה־רוּחַ וּמְאַהֲבַיִךְ בַּשְּׁבִי
כג יֵלֵכוּ כִּי אָז תֵּבֹשִׁי וְנִכְלַמְתְּ מִכֹּל רָעָתֵךְ׃ יֹשַׁבְתְּי בַּלְּבָנוֹן
מְקֻנַּנְתִּי בָּאֲרָזִים מַה־נֵּחַנְתְּ בְּבֹא־לָךְ חֲבָלִים חִיל כַּיֹּלֵדָה׃
כד חַי־אָנִי נְאֻם־יְהוָה כִּי אִם־יִהְיֶה כָּנְיָהוּ בֶן־יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ
כה יְהוּדָה חוֹתָם עַל־יַד יְמִינִי כִּי מִשָּׁם אֶתְּקֶנְךָּ׃ וּנְתַתִּיךָ
בְּיַד מְבַקְשֵׁי נַפְשֶׁךָ וּבְיַד אֲשֶׁר־אַתָּה יָגוֹר מִפְּנֵיהֶם וּבְיַד
כו נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל וּבְיַד הַכַּשְׂדִּים׃ וְהֵטַלְתִּי אֹתְךָ
וְאֶת־אִמְּךָ אֲשֶׁר יְלָדַתְךָ עַל הָאָרֶץ אַחֶרֶת אֲשֶׁר לֹא־יֻלַּדְתֶּם
כז שָׁם וְשָׁם תָּמוּתוּ׃ וְעַל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־הֵם מְנַשְּׂאִים אֶת־
כח נַפְשָׁם לָשׁוּב שָׁם שָׁמָּה לֹא יָשׁוּבוּ׃ הַעֶצֶב נִבְזֶה נָפוּץ
הָאִישׁ הַזֶּה כָּנְיָהוּ אִם־כְּלִי אֵין־חֵפֶץ בּוֹ מַדּוּעַ הוּטְלוּ הוּא
כט וְזַרְעוֹ וְהֻשְׁלְכוּ עַל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר לֹא־יָדָעוּ׃ אֶרֶץ אֶרֶץ אָרֶץ
ל שִׁמְעִי דְּבַר־יְהוָה׃ כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה כִּתְבוּ אֶת־הָאִישׁ הַזֶּה
עֲרִירִי גֶּבֶר לֹא־יִצְלַח בְּיָמָיו כִּי לֹא יִצְלַח מִזַּרְעוֹ אִישׁ
יֹשֵׁב עַל־כִּסֵּא דָוִד וּמֹשֵׁל עוֹד בִּיהוּדָה׃

כג

א הוֹי רֹעִים מְאַבְּדִים וּמְפִצִים אֶת־צֹאן מַרְעִיתִי נְאֻם־יְהוָה׃
ב לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל עַל־הָרֹעִים הָרֹעִים
אֶת־עַמִּי אַתֶּם הֲפִצֹתֶם אֶת־צֹאנִי וַתַּדִּחוּם וְלֹא פְקַדְתֶּם
אֹתָם הִנְנִי פֹקֵד עֲלֵיכֶם אֶת־רֹעַ מַעַלְלֵיכֶם נְאֻם־יְהוָה׃
ג וַאֲנִי אֲקַבֵּץ אֶת־שְׁאֵרִית צֹאנִי מִכֹּל הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר־הִדַּחְתִּי

כ נ, כ׳ כצ״ל   כב׳ ר׳ בדגש   כג׳ ישבת קרי   מקננת קרי

30 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פאַרשרייבט דעמדאָזיקן מענטשן אָן קינדער,
אַ מאַן וואָס באַגליקט ניט אין זיינע טעג,
וואָרום קיינער פון זיין זאָמען וועט ניט באַגליקן,
צו זיצן אויפן טראָן פון דוד,
און ווייטער געוועלטיקן אויף יהודה.

כג 1 ווי, די פאַסטוכער וואָס ברענגען אום און צעשפּרייטן
די שאָף פון מיין פּיטערונג, זאָגט גאָט.
2 דרום האָט יהוה דער גאָט פון ישׂראל אַזוי געזאָגט
אויף די פאַסטוכער וואָס פּיטערן מיין פאָלק:
איר האָט צעשפּרייט מיינע שאָף, און זיי פאַרשטויסן,
און האָט ניט אַכטונג געגעבןא אויף זיי;
זעט, איך רעכן זיךא מיט אייך
פאַר אייערע בייזע מעשׂים, זאָגט גאָט.
3 און איך וועל איינזאַמלען דעם איבערבלייב פון מיינע שאָף
פון אַלע לענדער וואָס איך האָב זיי פאַרשטויסן אַהין,

א פְּקַדְתֶּם–פָּקַד.

ד אֹתָם שָׁם וַהֲשִׁבֹתִי אֶתְהֶן עַל־נְוֵהֶן וּפָרוּ וְרָבוּ׃ וַהֲקִמֹתִי
עֲלֵיהֶם רֹעִים וְרָעוּם וְלֹא־יִירְאוּ עוֹד וְלֹא־יֵחַתּוּ וְלֹא יִפָּקֵדוּ
ה נְאֻם־יְהוָה׃ הִנֵּה יָמִים בָּאִים נְאֻם־יְהוָה וַהֲקִמֹתִי
לְדָוִד צֶמַח צַדִּיק וּמָלַךְ מֶלֶךְ וְהִשְׂכִּיל וְעָשָׂה מִשְׁפָּט
ו וּצְדָקָה בָּאָרֶץ׃ בְּיָמָיו תִּוָּשַׁע יְהוּדָה וְיִשְׂרָאֵל יִשְׁכֹּן לָבֶטַח
ז וְזֶה־שְּׁמוֹ אֲשֶׁר־יִקְרְאוֹ יְהוָה ׀ צִדְקֵנוּ׃ לָכֵן הִנֵּה־יָמִים
בָּאִים נְאֻם־יְהוָה וְלֹא־יֹאמְרוּ עוֹד חַי־יְהוָה אֲשֶׁר הֶעֱלָה
ח אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ כִּי אִם־חַי־יְהוָה אֲשֶׁר
הֶעֱלָה וַאֲשֶׁר הֵבִיא אֶת־זֶרַע בֵּית יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ צָפוֹנָה
וּמִכֹּל הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר הִדַּחְתִּים שָׁם וְיָשְׁבוּ עַל־אַדְמָתָם׃
ט לַנְּבִאִים נִשְׁבַּר לִבִּי בְקִרְבִּי רָחֲפוּ כָּל־עַצְמוֹתַי
הָיִיתִי כְּאִישׁ שִׁכּוֹר וּכְגֶבֶר עֲבָרוֹ יָיִן מִפְּנֵי יְהוָה וּמִפְּנֵי
י דִּבְרֵי קָדְשׁוֹ׃ כִּי מְנָאֲפִים מָלְאָה הָאָרֶץ כִּי־מִפְּנֵי אָלָה
אָבְלָה הָאָרֶץ יָבְשׁוּ נְאוֹת מִדְבָּר וַתְּהִי מְרוּצָתָם רָעָה
יא וּגְבוּרָתָם לֹא־כֵן׃ כִּי־גַם־נָבִיא גַם־כֹּהֵן חָנֵפוּ גַּם־בְּבֵיתִי
יב מָצָאתִי רָעָתָם נְאֻם־יְהוָה׃ לָכֵן יִהְיֶה דַרְכָּם לָהֶם
כַּחֲלַקְלַקּוֹת בָּאֲפֵלָה יִדַּחוּ וְנָפְלוּ בָהּ כִּי־אָבִיא עֲלֵיהֶם
יג רָעָה שְׁנַת פְּקֻדָּתָם נְאֻם־יְהוָה׃ וּבִנְבִיאֵי שֹׁמְרוֹן
רָאִיתִי תִפְלָה הִנַּבְּאוּ בַבַּעַל וַיַּתְעוּ אֶת־עַמִּי אֶת־יִשְׂרָאֵל׃
יד וּבִנְבִאֵי יְרוּשָׁלִַם רָאִיתִי שַׁעֲרוּרָה נָאוֹף וְהָלֹךְ
בַּשֶּׁקֶר וְחִזְּקוּ יְדֵי מְרֵעִים לְבִלְתִּי־שָׁבוּ אִישׁ מֵרָעָתוֹ הָיוּ־
טו לִי כֻלָּם כִּסְדֹם וְיֹשְׁבֶיהָ כַּעֲמֹרָה׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר
יְהוָה צְבָאוֹת עַל־הַנְּבִאִים הִנְנִי מַאֲכִיל אוֹתָם לַעֲנָה
וְהִשְׁקִתִים מֵי־רֹאשׁ כִּי מֵאֵת נְבִיאֵי יְרוּשָׁלִַם יָצְאָה חֲנֻפָּה
טז לְכָל־הָאָרֶץ׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אַל־תִּשְׁמְעוּ
עַל־דִּבְרֵי הַנְּבִאִים הַנִּבְּאִים לָכֶם מַהְבִּלִים הֵמָּה אֶתְכֶם
יז חֲזוֹן לִבָּם יְדַבֵּרוּ לֹא מִפִּי יְהוָה׃ אֹמְרִים אָמוֹר לִמְנַאֲצַי

ה׳ מלעיל    יב׳ מלעיל ופתח במקום קמץ

און איך וועל זיי אומקערן צו זייער פיטערפּלאַץ,
און זיי וועלן זיך פרוכפּערן און מערן.
4 און איך וועל אויפשטעלן איבער זיי פּאַסטוכער,
און זיי וועלן זיי פיטערן;
און זיי וועלן מער ניט מורא האָבן און ניט אַנגסטן,
און זיי וועלן ניט געמינערט ווערן, זאָגט גאָט.

5 זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און איך וועל אויפשטעלן פון דודן אַ גערעכטן שפּראָץ,
און קיניגן וועט אַ קיניג וואָס וועט באַגליקן,
און טאָן רעכט און גערעכטיקייט אין לאַנד.
6 אין זיינע טעג וועט געהאָלפן ווערן יהודה,
און ישׂראל וועט רוען אין זיכערקייט;
און דאָס איז זיין נאָמען וואָס מע וועט אים רופן:
„גאָט איז אונדזער גערעכטיקייט!"[א]
7 פאַרוואָר, זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און מע וועט מער ניט זאָגן:
אַזוי ווי עס לעבט גאָט וואָס האָט אויפגעבראַכט
די קינדער פון ישׂראל פון לאַנד מִצרַיִם!
8 נייערט: אַזוי ווי עס לעבט גאָט וואָס האָט אויפגעבראַכט
און וואָס האָט אַהערגעפירט
דעם זאָמען פון דעם הויז פון ישׂראל,
פון צפון־לאַנד און פון אַלע לענדער
וואָס איך האָב זיי פאַרשטויסן אַהין!
און זיי וועלן זיצן אויף זייער ערד.
9 וועגן די נביאים.
צעבראָכן איז מיין האַרץ אין מיר,
אַלע מיינע ביינער ציטערן;
איך בין געוואָרן ווי אַ מענטש אַ שיכּורער,
און ווי אַ מאַן וואָס ויין האָט אים איבערגעשטאַרקט;
פון וועגן גאָט, און פון וועגן זיינע הייליקע ווערטער.
10 וואָרום־פול איז מיט נואפים דאָס לאַנד,
וואָרום פון וועגן אַ קללה טרויערט דאָס לאַנד,
זיינען פאַרטריקנט די פיטערפּלעצער פון מדבר;
און זייער לויפעניש איז צום בייזן,
און זייער גבורה איז ניט ערלעך.

11 וואָרום אי דער נביא אי דער כּהן זיינען זינדיק,
אַפילו אין מיין הויז האָב איך געפונען זייער בייז,
זאָגט גאָט.
12 דרום וועט זייער וועג זיי זיין
ווי אַ גליטשיקער אָרט אין דער פינצטער.
זיי וועלן געשטויסן ווערן און פאַלן אויף אים,
וואָרום איך וועל ברענגען אַן אומגליק אויף זיי,
דאָס יאָר פון זייער רעכנשאַפט,
זאָגט גאָט.

13 אויך ביי די נביאים פון שומרון
האָב איך געזען לעסטערונג;
זיי האָבן נביאות געזאָגט פאַר בַּעַל,
און האָבן פאַרפירט מיין פאָלק ישׂראל.
14 אָבער ביי די נביאים פון ירושָלַיִם
האָב איך שוידערהאַפטיקס געזען:
מְנַאֵף זיין, און אומגיין מיט ליגן;

און זיי שטאַרקן די הענט פון די שלעכטסטוער,
אַז זיי זאָלן זיך ניט אומקערן קיינער פון זיין בייז;
זיי זיינען מיר אַלע ווי סדום געוואָרן,
און אירע באַוווינער אַזוי ווי עֲמוֹרָה.
15 דרום האָט גאָט פון צבָאוֹת אַזוי געזאָגט אויף די נביאים:
זע, איך מאַך זיי עסן ווערמוט,
און וועל זיי מאַכן טרינקען גיפטוואַסער,
וואָרום פון די נביאים פון ירושָלַיִם
איז אַרויס די זינדיקייט איבערן גאַנצן לאַנד.

16 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאוֹת:
איר זאָלט ניט הערן צו די ווערטער פון די נביאים
וואָס זאָגן אייך נביאות;
זיי פאַרנאַרישן אייך;
די זעאונג פון זייער האַרצן רעדן זיי,
ניט אויסן מויל פון גאָט.
17 זאָגן זאָגן זיי צו די וואָס פאַראַכטן מיך:

[א] יְהוָה צִדְקֵנוּ.

גאָט האָט גערעדט: איר וועט האָבן שלום;
און איטלעכן וואָס גייט אין דער אײַנגעשפּאַרטקייט פון
זיין האַרצן,
זאָגן זיי: אויף אײַך וועט ניט קומען קיין בייז.
[18] אָבער ווער איז געשטאַנען אין דעם סוד פון גאָט,
אַז ער זאָל מערקען און הערן זיין וואָרט?
ווער האָט פאַרנומען זיין וואָרט און זיך צוגעהערט?

[19] זע, אַ שטורעם פון גאָט,
אַ גרימצאָרן איז אַרויס,
יאָ, אַ דרייַאיקער שטורעמווינט;
אויף די קעפּ פון די רשעים וועט ער פאַלן.
[20] ניט אָפּגיין וועט דער צאָרן פון גאָט,
ביז ער טוט, און ביז ער איז מקיים,
די טראַכטונגען פון זיין האַרצן;
אין סוף פון די טעג וועט איר דאָס גוט פאַרשטיין.
[21] איך האָב ניט געשיקט די נביאים,
און זיי זיינען געלאָפן,
איך האָב ניט גערעדט צו זיי,
און זיי האָבן נביאות געזאָגט.
[22] און אויב זיי זיינען געשטאַנען אין מיין סוד,
זאָלן זיי לאָזן הערן מיין פאָלק מיינע ווערטער,
און זאָלן זיי זיי אומקערן פון זייער שלעכטן וועג,
און פון זייערע שלעכטע מעשׂים.

[23] בין איך דען אַ גאָט פון נאָענט, זאָגט יהוה,
און ניט אַ גאָט פון דער ווייטן?
[24] צי קען זיך פאַרבאָרגן אַ מענטש אין פאַרבאָרגענישן,
אַז איך זאָל אים ניט זען? זאָגט גאָט.
בין איך ניט פול די הימלען און די ערד?
זאָגט גאָט.
[25] איך האָב געהערט וואָס די נביאים זאָגן,
די וואָס זאָגן נביאות אין מיין נאָמען ליגן,
אַזוי צו זאָגן:
מיר האָט זיך געחלומט, מיר האָט זיך געחלומט!
[26] ביז וואַנען נאָך?
איז דען אין האַרצן פון די נביאים וואָס זאָגן נביאות
ליגן,
און די נביאים פון דעם באַטרוג פון זייער האַרצן—
[27] טראַכטן זיי דען צו מאַכן מיין פאָלק פאַרגעסן מיין
נאָמען
מיט זייערע חלומות וואָס זיי דערציילן איינער דעם
אַנדערן,
אַזוי ווי זייערע עלטערן האָבן פאַרגעסן מיין נאָמען דורך
בַעַל?
[28] דער נביא וואָס בײַ אים איז אַ חלום,
זאָל דערציילן אַ חלום,
און דער וואָס מיין וואָרט איז בײַ אים,
זאָל רעדן מיין וואָרט וואָרהאַפטיק.
וואָס האָט שטרוי צו קאָרן?
זאָגט גאָט.

דִּבֶּ֣ר יְהוָ֔ה שָׁל֖וֹם יִהְיֶ֣ה לָכֶ֑ם וְכֹ֗ל הֹלֵךְ֙ בִּשְׁרִר֣וּת לִבּ֔וֹ
יח אָמְר֕וּ לֹא־תָב֥וֹא עֲלֵיכֶ֖ם רָעָֽה׃ כִּ֚י מִ֣י עָמַ֔ד בְּס֣וֹד יְהוָ֔ה
וְיֵ֖רֶא וְיִשְׁמַ֣ע אֶת־דְּבָר֑וֹ מִֽי־הִקְשִׁ֥יב דְּבָרִ֖י וַיִּשְׁמָֽע׃
יט הִנֵּ֣ה ׀ סַעֲרַ֣ת יְהוָ֗ה חֵמָה֙ יָצְאָ֔ה וְסַ֖עַר מִתְחוֹלֵ֑ל עַ֛ל רֹ֥אשׁ
כ רְשָׁעִ֖ים יָחֽוּל׃ לֹ֤א יָשׁוּב֙ אַף־יְהוָ֔ה עַד־עֲשֹׂת֥וֹ וְעַד־הֲקִימ֖וֹ
כא מְזִמּ֣וֹת לִבּ֑וֹ בְּאַחֲרִית֙ הַיָּמִ֔ים תִּתְבּ֥וֹנְנוּ בָ֖הּ בִּינָֽה׃ לֹֽא־
שָׁלַ֥חְתִּי אֶת־הַנְּבִאִ֖ים וְהֵ֣ם רָ֑צוּ לֹא־דִבַּ֥רְתִּי אֲלֵיהֶ֖ם וְהֵ֥ם
כב נִבָּֽאוּ׃ וְאִֽם־עָמְד֖וּ בְּסוֹדִ֑י וְיַשְׁמִ֤עוּ דְבָרַי֙ אֶת־עַמִּ֔י וִישִׁב֞וּם
כג מִדַּרְכָּ֣ם הָרָ֔ע וּמֵרֹ֖עַ מַעַלְלֵיהֶֽם׃ הַאֱלֹהֵ֧י מִקָּרֹ֛ב
כד אָ֖נִי נְאֻם־יְהוָ֑ה וְלֹ֥א אֱלֹהֵ֖י מֵרָחֹֽק׃ אִם־יִסָּתֵ֨ר אִ֧ישׁ
בַּמִּסְתָּרִ֛ים וַאֲנִ֥י לֹֽא־אֶרְאֶ֖נּוּ נְאֻם־יְהוָ֑ה הֲל֨וֹא אֶת־הַשָּׁמַ֧יִם
כה וְאֶת־הָאָ֛רֶץ אֲנִ֥י מָלֵ֖א נְאֻם־יְהוָֽה׃ שָׁמַ֕עְתִּי אֵ֤ת אֲשֶׁר־
אָֽמְרוּ֙ הַנְּבִאִ֔ים הַנִּבְּאִ֥ים בִּשְׁמִ֖י שֶׁ֣קֶר לֵאמֹ֑ר חָלַ֖מְתִּי
כו חָלָֽמְתִּי׃ עַד־מָתַ֗י הֲיֵ֛שׁ בְּלֵ֥ב הַנְּבִאִ֖ים נִבְּאֵ֣י הַשָּׁ֑קֶר וּנְבִיאֵ֖י
כז תַּרְמִ֥ת לִבָּֽם׃ הַחֹשְׁבִ֗ים לְהַשְׁכִּ֤יחַ אֶת־עַמִּי֙ שְׁמִ֔י בַּחֲל֣וֹמֹתָ֔ם
אֲשֶׁ֥ר יְסַפְּר֖וּ אִ֣ישׁ לְרֵעֵ֑הוּ כַּאֲשֶׁ֙ר שָׁכְח֧וּ אֲבוֹתָ֛ם אֶת־שְׁמִ֖י
כח בַּבָּֽעַל׃ הַנָּבִ֞יא אֲשֶׁר־אִתּ֤וֹ חֲלוֹם֙ יְסַפֵּ֣ר חֲל֔וֹם וַאֲשֶׁ֤ר דְּבָרִי֙
אִתּ֔וֹ יְדַבֵּ֥ר דְּבָרִ֖י אֱמֶ֑ת מַה־לַתֶּ֥בֶן אֶת־הַבָּ֖ר נְאֻם־יְהוָֽה׃
כט הֲל֨וֹא כֹ֧ה דְבָרִ֛י כָּאֵ֖שׁ נְאֻם־יְהוָ֑ה וּכְפַטִּ֖ישׁ יְפֹ֥צֵֽץ סָֽלַע׃
ל לָכֵ֛ן הִנְנִ֥י עַל־הַנְּבִאִ֖ים נְאֻם־יְהוָ֑ה מְגַנְּבֵ֣י דְבָרַ֔י אִ֖ישׁ מֵאֵ֥ת
לא רֵעֵֽהוּ׃ הִנְנִ֥י עַל־הַנְּבִיאִ֖ם נְאֻם־יְהוָ֑ה הַלֹּקְחִ֣ים לְשׁוֹנָ֔ם
לב וַיִּנְאֲמ֖וּ נְאֻֽם׃ הִנְנִ֞י עַל־נִבְּאֵ֨י חֲלֹמ֥וֹת שֶׁ֙קֶר֙ נְאֻם־יְהוָ֔ה
וַֽיְסַפְּרוּם֮ וַיַּתְע֣וּ אֶת־עַמִּ֔י בְּשִׁקְרֵיהֶ֖ם וּבְפַחֲזוּתָ֑ם וְאָנֹכִ֨י לֹֽא־
שְׁלַחְתִּ֜ים וְלֹ֣א צִוִּיתִ֗ים וְהוֹעֵ֛יל לֹא־יוֹעִ֥ילוּ לָֽעָם־הַזֶּ֖ה נְאֻם־
לג יְהוָֽה׃ וְכִֽי־יִשְׁאָלְךָ֞ הָעָ֨ם הַזֶּ֜ה אֽוֹ־הַנָּבִ֤יא אֽוֹ־כֹהֵן֙ לֵאמֹ֔ר
מַה־מַשָּׂ֖א יְהוָ֑ה וְאָמַרְתָּ֤ אֲלֵיהֶם֙ אֶת־מַה־מַשָּׂ֔א וְנָטַשְׁתִּ֥י
לד אֶתְכֶ֖ם נְאֻם־יְהוָֽה׃ וְהַנָּבִ֤יא וְהַכֹּהֵן֙ וְהָעָ֔ם אֲשֶׁ֥ר יֹאמַ֖ר מַשָּׂ֣א

יח׳ דברו קרי

[29] פאַרוואָר, מיין וואָרט איז אַזוי ווי פייער,
זאָגט גאָט,
און ווי אַ האַמער וואָס צעהאַקט פעלז.

[30] דרום זע, איך קום אויף די נביאים, זאָגט גאָט,
וואָס גנבען מיינע ווערטער איינער פון אַנדערן.
[31] זע, איך קום אויף די נביאים, זאָגט גאָט,
וואָס נעמען זייער צונג און זאָגן אַ געזאָג.
[32] זע, איך קום אויף די וואָס זאָגן נביאות פאַלשע חלומות,
זאָגט גאָט,
און דערציילן זיי, און פאַרפירן מיין פאָלק
מיט זייערע שקרים און מיט זייער לויזגעלאָזטקייט,
ווען איך האָב זיי ניט געשיקט און זיי ניט באַפוילן;
און נוצן נוצן זיי ניט דעמדאָזיקן פאָלק, זאָגט גאָט.

[33] און אַז דאָסדאָזיקע פאָלק, אָדער דער נביא, אָדער אַ כֹּהן, וועט דיך פרעגן, אַזוי צו זאָגן: וואָס איז די משׂא[א] פון גאָט? זאָלסטו זאָגן צו זיי: וואָס איז די משׂא?—אַז איך וועל אײַך פאַרוואַרפן, זאָגט גאָט. [34] און דער נביא, און דער כֹּהן, און

[א] אַ צווייטייטיק וואָרט וואָס מיינט אי פּאָרטראָג אָדער נבואה אי לאַסט.

לה יְהוָה וּפָקַדְתִּי עַל־הָאִישׁ הַהוּא וְעַל־בֵּיתוֹ׃ כֹּה תֹאמְרוּ
אִישׁ עַל־רֵעֵהוּ וְאִישׁ אֶל־אָחִיו מֶה־עָנָה יְהוָה וּמַה־דִּבֶּר
לו יְהוָה׃ וּמַשָּׂא יְהוָה לֹא תִזְכְּרוּ־עוֹד כִּי הַמַּשָּׂא יִהְיֶה לְאִישׁ
דְּבָרוֹ וַהֲפַכְתֶּם אֶת־דִּבְרֵי אֱלֹהִים חַיִּים יְהוָה צְבָאוֹת
לז אֱלֹהֵינוּ׃ כֹּה תֹאמַר אֶל־הַנָּבִיא מֶה־עָנָךְ יְהוָה וּמַה־דִּבֶּר
לח יְהוָה׃ וְאִם־מַשָּׂא יְהוָה תֹּאמֵרוּ לָכֵן כֹּה אָמַר יְהוָה יַעַן
אֲמָרְכֶם אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה מַשָּׂא יְהוָה וָאֶשְׁלַח אֲלֵיכֶם
לט לֵאמֹר לֹא תֹאמְרוּ מַשָּׂא יְהוָה׃ לָכֵן הִנְנִי וְנָשִׁיתִי אֶתְכֶם
נָשֹׁא וְנָטַשְׁתִּי אֶתְכֶם וְאֶת־הָעִיר אֲשֶׁר נָתַתִּי לָכֶם
מ וְלַאֲבוֹתֵיכֶם מֵעַל פָּנָי׃ וְנָתַתִּי עֲלֵיכֶם חֶרְפַּת עוֹלָם וּכְלִמּוּת
עוֹלָם אֲשֶׁר לֹא תִשָּׁכֵחַ׃

## כד

א הִרְאַנִי יְהוָה וְהִנֵּה שְׁנֵי דּוּדָאֵי תְאֵנִים מוּעָדִים לִפְנֵי הֵיכַל
יְהוָה אַחֲרֵי הַגְלוֹת נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל אֶת־יְכָנְיָהוּ
בֶן־יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ־יְהוּדָה וְאֶת־שָׂרֵי יְהוּדָה וְאֶת־הֶחָרָשׁ
ב וְאֶת־הַמַּסְגֵּר מִירוּשָׁלַםִ וַיְבִאֵם בָּבֶל׃ הַדּוּד אֶחָד תְּאֵנִים
טֹבוֹת מְאֹד כִּתְאֵנֵי הַבַּכֻּרוֹת וְהַדּוּד אֶחָד תְּאֵנִים רָעוֹת
ג מְאֹד אֲשֶׁר לֹא־תֵאָכַלְנָה מֵרֹעַ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי
מָה־אַתָּה רֹאֶה יִרְמְיָהוּ וָאֹמַר תְּאֵנִים הַתְּאֵנִים הַטֹּבוֹת
טֹבוֹת מְאֹד וְהָרָעוֹת רָעוֹת מְאֹד אֲשֶׁר לֹא־תֵאָכַלְנָה
ד ה מֵרֹעַ׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ כֹּה־אָמַר
יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כַּתְּאֵנִים הַטֹּבוֹת הָאֵלֶּה כֵּן־אַכִּיר אֶת־
גָּלוּת יְהוּדָה אֲשֶׁר שִׁלַּחְתִּי מִן־הַמָּקוֹם הַזֶּה אֶרֶץ כַּשְׂדִּים
ו לְטוֹבָה׃ וְשַׂמְתִּי עֵינִי עֲלֵיהֶם לְטוֹבָה וַהֲשִׁבֹתִים עַל־
הָאָרֶץ הַזֹּאת וּבְנִיתִים וְלֹא אֶהֱרֹס וּנְטַעְתִּים וְלֹא אֶתּוֹשׁ׃
ז וְנָתַתִּי לָהֶם לֵב לָדַעַת אֹתִי כִּי אֲנִי יְהוָה וְהָיוּ־לִי לְעָם
וְאָנֹכִי אֶהְיֶה לָהֶם לֵאלֹהִים כִּי־יָשֻׁבוּ אֵלַי בְּכָל־לִבָּם׃
ח וְכַתְּאֵנִים הָרָעוֹת אֲשֶׁר לֹא־תֵאָכַלְנָה מֵרֹעַ כִּי־

---

כד, א׳ ס״א יכניר

דאָס פאָלק, וואָס וועט זאָגן „די משׂא פון גאָט", וועל איך זיך אָפּרעכענען מיט יענעם מענטשן און מיט זיין הויז. 35 אַזוי זאָלט איר זאָגן איטלעכער צו זיין חבר, און איטלעכער צו זיין ברודער: וואָס האָט גאָט געענטפערט? און: וואָס האָט גאָט גערעדט? 36 אָבער „משׂא פון גאָט" זאָלט איר מער ניט דערמאָנען וואָרום אַ משׂא וועט ווערן פאַר איטלעכן זיין אייגן וואָרט, ווייל איר פאַרדרייט די ווערטער פון דעם לעבעדיקן גאָט, יהוה פון צבָאוֹת אונדזער גאָט. 37 אַזוי זאָלסטו זאָגן צום נביא: וואָס האָט דיר גאָט געענטפערט? און: וואָס האָט גאָט גערעדט? 38 אָבער אַז איר זאָגט „די משׂא פון גאָט"—פאַרוואָר, אַזוי האָט גאָט געזאָגט: ווייל איר האָט געזאָגט דאָסדאָזיקע וואָרט „די משׂא פון גאָט", ווען איך האָב געשיקט צו אַייך, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט ניט זאָגן „די משׂא פון גאָט", 39 דרום זעט, איך וועל אַייך רייסנדיק אויסרייסן, און וועל אַוועקוואַרפן אַייך, און די שטאָט וואָס איך האָב געגעבן אַייך און אַייערע עלטערן, פון מיין פנים. 40 און איך וועל ברענגען אויף אַייך אַן אייביקע חרפּה, און אַן אייביקע שאַנד, וואָס וועט ניט פאַרגעסן ווערן.

**כד** 1 גאָט האָט מיר געוויזן, ערשט צוויי קערב פייגן זיינען אַוועקגעשטעלט פאַר דעם טעמפּל פון גאָט; נאָכדעם ווי נבוּכַדרֶאצַר דער מלך פון בָּבל האָט פאַרטריבן יכָניָהו דעם זון פון יהוֹיָקימען, דעם מלך פון יהודה, און די האַרן פון יהודה, און די מייַנסטערס און די שלעסערס, פון ירושָלַיִם, און זיי געבראַכט קיין בָּבל. 2 איין קאָרב זייער גוטע פייגן, אַזוי ווי ערשטצייטיקע פייגן, און איין קאָרב זייער שלעכטע פייגן, וואָס קענען ניט געגעסן ווערן פאַר שלעכטקייט. 3 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: וואָס זעסטו יִרמיָהו? האָב איך געזאָגט: פייגן; די גוטע פייגן זיינען זייער גוטע, און די שלעכטע זיינען זייער שלעכטע, וואָס קענען ניט געגעסן ווערן פאַר שלעכטקייט.
4 איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:

5 אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל:
אַזוי ווי דידאָזיקע גוטע פייגן
אַזוי וועל איך דערקענען צום גוטן די פאַרטריבענע
פון יהודה
וואָס איך האָב אַרויסגעשיקט פון דעמדאָזיקן אָרט,
אין לאַנד פון די כַּשׂדים.
6 און איך וועל טאָן מיין אויג אויף זיי צום גוטן,
און וועל זיי אומקערן אין דעמדאָזיקן לאַנד;
און איך וועל זיי אויפבויען, און ניט צעשטערן,
און איך וועל זיי איינפלאַנצן, און ניט אויסרייסן.
7 און איך וועל זיי געבן אַ האַרץ מיך צו קענען,
אַז איך בין יהוה,
און זיי וועלן מיר זיין צום פאָלק,
און איך וועל זיי זיין צום גאָט,
וואָרום זיי וועלן זיך אומקערן צו מיר מיט זייער גאַנצן
האַרצן.
8 און אַזוי ווי די שלעכטע פייגן,
וואָס קענען ניט געגעסן ווערן פאַר שלעכטקייט

–פאַרוואָר, אַזוי האָט גאָט געזאָגט–
אַזוי וועל איך מאַכן צדקִיָהו דעם מלך פון יהודה,
און זיינע האַרן, און דעם איבערבלייב פון ירושָלַיִם,
וואָס זיינען איבערגעבליבן אין דעמדאָזיקן לאַנד,
און די וואָס זיצן אין לאַנד מִצרַיִם.
9 און איך וועל זיי מאַכן פאַר אַ שוידער צום בייזן
ביי אַלע קיניגרייכן פון דער ערד;
פאַר אַ שאַנד און פאַר אַ שפּריכוואָרט,
פאַר אַ שפּאָט און פאַר אַ קללה,
אין אַלע ערטער וואָס איך וועל זיי פאַרשטויסן אַהין.
10 און איך וועל אָנשיקן אויף זיי די שווערד,
דעם הונגער, און די פּעסט,
ביז זיי וועלן פאַרלענדט ווערן פון דער ערד
וואָס איך האָב געגעבן זיי און זייערע עלטערן.

# כה

1 דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו יִרמְיָהון אויף
דעם גאַנצן פאָלק פון יהודה אין פערטן יאָר פון
יהוֹיָקים דעם זון פון יאשִיָהון, דעם מלך פון יהודה–דאָס
איז דאָס ערשטע יאָר פון נבוכַדרֶאצַר דעם מלך פון בָבֶל–
2 וואָס יִרמְיָהו הנביא האָט גערעדט צו דעם גאַנצן פאָלק
פון יהודה, און צו אַלע באַוווינער פון ירושָלַיִם, אַזוי צו זאָגן:
3 פון דרייצנטן יאָר פון יאשִיָהו דעם זון פון אָמונען,
דעם מלך פון יהודה, און ביז אויף היינטיקן טאָג, שוין דריי
און צוואַנציק יאָר איז דאָס וואָרט פון גאָט צו מיר, און איך
האָב גערעדט צו אייך, נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד גערעדט,
און איר האָט ניט צוגעהערט. 4 און גאָט האָט צו אייך
געשיקט אַלע זיינע קנעכט די נביאים, נאָכאַנאַנד און נאָכ-
אַנאַנד געשיקט,–אָבער איר האָט ניט צוגעהערט און ניט
צוגענייגט אייער אויער צו הערן–5 אַזוי צו זאָגן: קערט אייך אום פאָרט איטלעכער פון זיין שלעכטן וועג, און פון אייערע
שלעכטע מעשים, און בלייבט זיצן אויף דער ערד וואָס גאָט האָט געגעבן אייך און אייערע עלטערן פון אייביק און
ביז אייביק, 6 און איר זאָלט ניט גיין נאָך פרעמדע געטער זיי צו דינען, און זיך צו בוקן צו זיי, און איר זאָלט מיך ניט
דערצערענען מיט דעם ווערק פון אייערע הענט, און איך וועל אייך ניט בייז טאָן. 7 אָבער איר האָט ניט צוגעהערט צו
מיר, זאָגט גאָט, כדי מיך צו דערצערענען מיט דעם ווערק פון אייערע הענט, צו אייער אייגענער רעה.
8 דרום האָט גאָט פון צבאוֹת אַזוי געזאָגט:
ווייל איר האָט ניט צוגעהערט מיינע ווערטער,
9 אָט שיק איך און וועל נעמען אַלע משפחות פון צָפון,
זאָגט גאָט,
און צו נבוכַדרֶאצַר דעם מלך פון בָבֶל, מיין קנעכט;
און איך וועל זיי ברענגען אויף דעמדאָזיקן לאַנד,
און אויף אירע באַוווינער,
און אויף אַלע דידאָזיקע פעלקער רונד אַרום,
און איך וועל זיי פאַרוויסטן,
און וועל זיי מאַכן פאַר אַ שרעק און פאַר אַ שמוצערונג,

כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה כֵּן אֶתֵּן אֶת־צִדְקִיָּהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה וְאֶת־
שָׂרָיו וְאֵת ׀ שְׁאֵרִית יְרוּשָׁלַםִ הַנִּשְׁאָרִים בָּאָרֶץ הַזֹּאת
ט וְהַיֹּשְׁבִים בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וּנְתַתִּים לְזַוְעָה לְרָעָה לְכֹל
מַמְלְכוֹת הָאָרֶץ לְחֶרְפָּה וּלְמָשָׁל לִשְׁנִינָה וְלִקְלָלָה בְּכָל־
י הַמְּקֹמוֹת אֲשֶׁר־אַדִּיחֵם שָׁם׃ וְשִׁלַּחְתִּי בָם אֶת־הַחֶרֶב
אֶת־הָרָעָב וְאֶת־הַדָּבֶר עַד־תֻּמָּם מֵעַל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר־נָתַתִּי
לָהֶם וְלַאֲבוֹתֵיהֶם׃

כה

א הַדָּבָר אֲשֶׁר־הָיָה עַל־יִרְמְיָהוּ עַל־כָּל־עַם יְהוּדָה בַּשָּׁנָה
הָרְבִעִית לִיהוֹיָקִים בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה הִיא הַשָּׁנָה
ב הָרִאשֹׁנִית לִנְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ בָּבֶל׃ אֲשֶׁר דִּבֶּר יִרְמְיָהוּ
הַנָּבִיא עַל־כָּל־עַם יְהוּדָה וְאֶל כָּל־יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלַםִ לֵאמֹר׃
ג מִן־שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה לְיֹאשִׁיָּהוּ בֶן־אָמוֹן מֶלֶךְ יְהוּדָה
וְעַד ׀ הַיּוֹם הַזֶּה זֶה שָׁלֹשׁ וְעֶשְׂרִים שָׁנָה הָיָה דְבַר־יְהוָה
ד אֵלָי וָאֲדַבֵּר אֲלֵיכֶם אַשְׁכֵּים וְדַבֵּר וְלֹא שְׁמַעְתֶּם׃ וְשָׁלַח
יְהוָה אֲלֵיכֶם אֶת־כָּל־עֲבָדָיו הַנְּבִאִים הַשְׁכֵּם וְשָׁלֹחַ וְלֹא
ה שְׁמַעְתֶּם וְלֹא־הִטִּיתֶם אֶת־אָזְנְכֶם לִשְׁמֹעַ׃ לֵאמֹר שׁוּבוּ־
נָא אִישׁ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה וּמֵרֹעַ מַעַלְלֵיכֶם וּשְׁבוּ עַל־
הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַן יְהוָה לָכֶם וְלַאֲבוֹתֵיכֶם לְמִן־עוֹלָם
ו וְעַד־עוֹלָם׃ וְאַל־תֵּלְכוּ אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים לְעָבְדָם
וּלְהִשְׁתַּחֲוֺת לָהֶם וְלֹא־תַכְעִיסוּ אוֹתִי בְּמַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם וְלֹא
ז אָרַע לָכֶם׃ וְלֹא־שְׁמַעְתֶּם אֵלַי נְאֻם־יְהוָה לְמַעַן הַכְעִסוּנִי
ח בְּמַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם לְרַע לָכֶם׃ לָכֵן כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
ט יַעַן אֲשֶׁר לֹא־שְׁמַעְתֶּם אֶת־דְּבָרָי׃ הִנְנִי שֹׁלֵחַ וְלָקַחְתִּי
אֶת־כָּל־מִשְׁפְּחוֹת צָפוֹן נְאֻם־יְהוָה וְאֶל־נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־
בָּבֶל עַבְדִּי וַהֲבִאֹתִים עַל־הָאָרֶץ הַזֹּאת וְעַל־יֹשְׁבֶיהָ וְעַל
כָּל־הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה סָבִיב וְהַחֲרַמְתִּים וְשַׂמְתִּים לְשַׁמָּה

כד, ט׳ לזעוה קרי   כה, ג׳ א׳ במקום ה׳   כצ״ל בכתוב והקרי הכעסוני

י וּלְשַׁרֵקָה וּלְחָרְבוֹת עוֹלָם׃ וְהַאֲבַדְתִּי מֵהֶם קוֹל שָׂשׂוֹן
וְקוֹל שִׂמְחָה קוֹל חָתָן וְקוֹל כַּלָּה קוֹל רֵחַיִם וְאוֹר נֵר׃
יא וְהָיְתָה כָּל־הָאָרֶץ הַזֹּאת לְחָרְבָּה לְשַׁמָּה וְעָבְדוּ הַגּוֹיִם
יב הָאֵלֶּה אֶת־מֶלֶךְ בָּבֶל שִׁבְעִים שָׁנָה׃ וְהָיָה כִמְלֹאות
שִׁבְעִים שָׁנָה אֶפְקֹד עַל־מֶלֶךְ־בָּבֶל וְעַל־הַגּוֹי הַהוּא נְאֻם־
יְהוָה אֶת־עֲוֺנָם וְעַל־אֶרֶץ כַּשְׂדִּים וְשַׂמְתִּי אֹתוֹ לְשִׁמְמוֹת
יג עוֹלָם׃ וְהֵבֵאוֹתִי עַל־הָאָרֶץ הַהִיא אֶת־כָּל־דְּבָרַי אֲשֶׁר־
דִּבַּרְתִּי עָלֶיהָ אֵת כָּל־הַכָּתוּב בַּסֵּפֶר הַזֶּה אֲשֶׁר־נִבָּא
יד יִרְמְיָהוּ עַל־כָּל־הַגּוֹיִם׃ כִּי עָבְדוּ־בָם גַּם־הֵמָּה גּוֹיִם רַבִּים
וּמְלָכִים גְּדוֹלִים וְשִׁלַּמְתִּי לָהֶם כְּפָעֳלָם וּכְמַעֲשֵׂה יְדֵיהֶם׃
טו כִּי כֹה אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֵלַי קַח אֶת־
כּוֹס הַיַּיִן הַחֵמָה הַזֹּאת מִיָּדִי וְהִשְׁקִיתָה אֹתוֹ אֶת־כָּל־
טז הַגּוֹיִם אֲשֶׁר אָנֹכִי שֹׁלֵחַ אוֹתְךָ אֲלֵיהֶם׃ וְשָׁתוּ וְהִתְגֹּעֲשׁוּ
יז וְהִתְהֹלָלוּ מִפְּנֵי הַחֶרֶב אֲשֶׁר אָנֹכִי שֹׁלֵחַ בֵּינֹתָם׃ וָאֶקַּח
אֶת־הַכּוֹס מִיַּד יְהוָה וָאַשְׁקֶה אֶת־כָּל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר־שְׁלָחַנִי
יח יְהוָה אֲלֵיהֶם׃ אֶת־יְרוּשָׁלִַם וְאֶת־עָרֵי יְהוּדָה וְאֶת־מְלָכֶיהָ
אֶת־שָׂרֶיהָ לָתֵת אֹתָם לְחָרְבָּה לְשַׁמָּה לִשְׁרֵקָה וְלִקְלָלָה
יט כַּיּוֹם הַזֶּה׃ אֶת־פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרַיִם וְאֶת־עֲבָדָיו וְאֶת־
כ שָׂרָיו וְאֶת־כָּל־עַמּוֹ׃ וְאֵת כָּל־הָעֶרֶב וְאֵת כָּל־מַלְכֵי אֶרֶץ
הָעוּץ וְאֵת כָּל־מַלְכֵי אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים וְאֶת־אַשְׁקְלוֹן וְאֶת־
כא עַזָּה וְאֶת־עֶקְרוֹן וְאֵת שְׁאֵרִית אַשְׁדּוֹד׃ אֶת־אֱדוֹם וְאֶת־
כב מוֹאָב וְאֶת־בְּנֵי עַמּוֹן׃ וְאֵת כָּל־מַלְכֵי צֹר וְאֵת כָּל־מַלְכֵי
כג צִידוֹן וְאֵת מַלְכֵי הָאִי אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיָּם׃ אֶת־דְּדָן וְאֶת־
כד תֵּימָא וְאֶת־בּוּז וְאֵת כָּל־קְצוּצֵי פֵאָה׃ וְאֵת כָּל־מַלְכֵי
כה עֲרָב וְאֵת כָּל־מַלְכֵי הָעֶרֶב הַשֹּׁכְנִים בַּמִּדְבָּר׃ וְאֵת ׀ כָּל־
מַלְכֵי זִמְרִי וְאֵת כָּל־מַלְכֵי עֵילָם וְאֵת כָּל־מַלְכֵי מָדָי׃
כו וְאֵת ׀ כָּל־מַלְכֵי הַצָּפוֹן הַקְּרֹבִים וְהָרְחֹקִים אִישׁ אֶל־

יא׳ כצ״ל   יב׳ מלא ו   יג׳ והבאתי קרי

און פאַר אייביקע חורבות.
10 און איך וועל פאַרטיליקן פון זיי
דעם קָול פון לוסטיקייט און דעם קָול פון פרייד,
דעם קָול פון אַ חתן און דעם קָול פון אַ כלה,
דאָס גערויש פון אַ האַנטמיל,
און דעם שיין פון אַ ליכט.
11 און דאָסדאָזיקע גאַנצע לאַנד
וועט ווערן אַ חורבן און אַ וויסטעניש,
און דידאָזיקע פעלקער
וועלן דינען דעם מלך פון בָּבֶל זיבעציק יאָר.

12 און עס וועט זיין, אַז די זיבעציק יאָר ווערן פול,
וועל איך זיך רעכענען מיט דעם מלך פון בָּבֶל,
און מיט יענעם פאָלק, זאָגט גאָט, פאַר זייער זינד,
און מיט דעם לאַנד פון די כַּשׂדים;
און איך וועל עס מאַכן פאַר אייביקע וויסטענישן.
13 און איך וועל ברענגען אויף יענעם לאַנד
אַלע מיינע ווערטער וואָס איך האָב גערעדט דערויף,
אַלץ וואָס שטייט געשריבן אין דעמדאָזיקן בוך,
וואָס יִרמְיָהו האָט נביאות געזאָגט אויף אַלע
פעלקער.
14 וואָרום פיל פעלקער און גרויסע מלכים
וועלן אויך זיי פאַרקנעכטן;
און איך וועל זיי באַצאָלן לויט זייער טואונג
און לויט דעם ווערק פון זייערע הענט.
15 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל
צו מיר:
נעם דעמדאָזיקן כּוס מיט ווין פון גרימצאָרן, פון מיין האַנט,
און זאָלסט אים געבן טרינקען אַלע פעלקער
וואָס איך שיק דיך צו זיי.
16 און זיי וועלן טרינקען, און זיך וואַקלען, און משוגע ווערן,
פון וועגן דער שווערד וואָס איך שיק צווישן זיי.

17 און איך האָב גענומען דעם כּוס פון גאָטס האַנט, און האָב געגעבן טרינקען אַלע פעלקער וואָס גאָט האָט מיך צו
זיי געשיקט: 18 ירושָלַיִם, און די שטעט פון יהודה, און אירע מלכים, אירע האַרן, כדי זיי צו מאַכן פאַר אַ חורבן, פאַר אַ
שרעק, פאַר אַ שמוצערונג, און פאַר אַ קללה, אַזוי ווי היינטיקן טאָג; 19 פַּרעה דעם מלך פון מִצרַיִם, און זיינע קנעכט,
און זיינע האַרן, און זיין גאַנצן פאָלק; 20 און אַלע געמישטע פעלקער, און אַלע מלכים פון לאַנד עוּץ, און אַלע מלכים
פון לאַנד פּלִשתּים, און אַשקלון, און עַזָה, און עֶקרון, און דעם איבערבלייב פון אשדוד; 21 אֶדום, און מוֹאָב, און די
קינדער פון עַמון; 22 און אַלע מלכים פון צור, און אַלע מלכים פון צידון, און די מלכים פון דעם אינדזל וואָס אויף
יענער זייט ים; 23 דדָן, און תֵּימָא, און בוז, און אַלע וואָס מיט אָפּגעהאַקטע האָרעקן; 24 און אַלע מלכים פון עֲרָב, און
אַלע מלכים פון די געמישטע פעלקער, וואָס וווינען אין מדבר; 25 און אַלע מלכים פון זִמרי, און אַלע מלכים פון
עֵילָם, און אַלע מלכים פון מָדָי; 26 און אַלע מלכים פון צפון, די נאָנטע און די ווייטע, איינעם נאָכן אַנדערן,

אֶחָיו וְאֵת כָּל־הַמַּמְלְכוֹת הָאָרֶץ אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה
כו וּמֶלֶךְ שֵׁשַׁךְ יִשְׁתֶּה אַחֲרֵיהֶם׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה־אָמַר
יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל שְׁתוּ וְשִׁכְרוּ וּקְיוּ וְנִפְלוּ וְלֹא
כח תָקוּמוּ מִפְּנֵי הַחֶרֶב אֲשֶׁר אָנֹכִי שֹׁלֵחַ בֵּינֵיכֶם׃ וְהָיָה כִּי
יְמָאֲנוּ לָקַחַת־הַכּוֹס מִיָּדְךָ לִשְׁתּוֹת וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה
כט אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת שָׁתוֹ תִשְׁתּוּ׃ כִּי הִנֵּה בָעִיר אֲשֶׁר
נִקְרָא שְׁמִי עָלֶיהָ אָנֹכִי מֵחֵל לְהָרַע וְאַתֶּם הִנָּקֵה תִנָּקוּ
לֹא תִנָּקוּ כִּי חֶרֶב אֲנִי קֹרֵא עַל־כָּל־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ נְאֻם
ל יְהוָה צְבָאוֹת׃ וְאַתָּה תִּנָּבֵא אֲלֵיהֶם אֵת כָּל־הַדְּבָרִים
הָאֵלֶּה וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם יְהוָה מִמָּרוֹם יִשְׁאָג וּמִמְּעוֹן קָדְשׁוֹ
יִתֵּן קוֹלוֹ שָׁאֹג יִשְׁאַג עַל־נָוֵהוּ הֵידָד כְּדֹרְכִים יַעֲנֶה אֶל
לא כָּל־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ׃ בָּא שָׁאוֹן עַד־קְצֵה הָאָרֶץ כִּי רִיב
לַיהוָה בַּגּוֹיִם נִשְׁפָּט הוּא לְכָל־בָּשָׂר הָרְשָׁעִים נְתָנָם לַחֶרֶב
לב נְאֻם־יְהוָה׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת הִנֵּה רָעָה יֹצֵאת
לג מִגּוֹי אֶל־גּוֹי וְסַעַר גָּדוֹל יֵעוֹר מִיַּרְכְּתֵי־אָרֶץ׃ וְהָיוּ חַלְלֵי
יְהוָה בַּיּוֹם הַהוּא מִקְצֵה הָאָרֶץ וְעַד־קְצֵה הָאָרֶץ לֹא
יִסָּפְדוּ וְלֹא יֵאָסְפוּ וְלֹא יִקָּבֵרוּ לְדֹמֶן עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה יִהְיוּ׃
לד הֵילִילוּ הָרֹעִים וְזַעֲקוּ וְהִתְפַּלְּשׁוּ אַדִּירֵי הַצֹּאן כִּי־מָלְאוּ
לה יְמֵיכֶם לִטְבוֹחַ וּתְפוֹצוֹתִיכֶם וּנְפַלְתֶּם כִּכְלִי חֶמְדָּה׃ וְאָבַד
לו מָנוֹס מִן־הָרֹעִים וּפְלֵיטָה מֵאַדִּירֵי הַצֹּאן׃ קוֹל צַעֲקַת
הָרֹעִים וִילְלַת אַדִּירֵי הַצֹּאן כִּי־שֹׁדֵד יְהוָה אֶת־מַרְעִיתָם׃
לז לח וְנָדַמּוּ נְאוֹת הַשָּׁלוֹם מִפְּנֵי חֲרוֹן אַף־יְהוָה׃ עָזַב כַּכְּפִיר
סֻכּוֹ כִּי־הָיְתָה אַרְצָם לְשַׁמָּה מִפְּנֵי חֲרוֹן הַיּוֹנָה וּמִפְּנֵי
חֲרוֹן אַפּוֹ׃

כו

א בְּרֵאשִׁית מַמְלְכוּת יְהוֹיָקִים בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה הָיָה
ב הַדָּבָר הַזֶּה מֵאֵת יְהוָה לֵאמֹר׃ כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה עֲמֹד

כה, כז׳ נא וקוו כתיב וקיו ק׳   ג׳ קמץ בנשטא   ל״ד הם מלום ובחזק דחד

און אַלע קיניגרייכן פון דער וועלט וואָס אויפן געזיכט פון
דער ערד.—א און דער מלך פון שֵׁשַך ב זאָל טרינקען נאָך
זיי. 27 און זאָלסט זאָגן צו זיי:
אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבָאות,
דער גאָט פון ישראל;
טרינקט און ווערט שיכור, און ברעכט,
און פאַלט און שטייט ניט אויף,
פון וועגן דער שווערד וואָס איך שיק צווישן
אייך.
28 און עס וועט זיין, אַז זיי וועלן ניט וועלן נעמען
דעם כּוס פון דיין האַנט, צו טרינקען, זאָלסטו זאָגן צו
זיי:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאות:
טרינקען מוזט איר טרינקען!
28 וואָרום זעט, מיט דער שטאָט
וואָס מיין נאָמען ווערט גערופן אויף איר,
הייב איך אָן בייז צו טאָן,
און איר זאָלט שוינען פאַרשוינט ווערן?
איר וועט ניט פאַרשוינט ווערן,
וואָרום איך רוף אַ שווערד
אויף אַלע באַוווינער פון דער ערד,
זאָגט גאָט פון צבָאות.

30 און דו זאָלסט נביאות זאָגן אויף זיי אַלע די דאָזיקע
ווערטער, און זאָגן צו זיי:
גאָט ברילט פון דער הייך,
און פון זיין הייליקער וווינונג לאָזט ער אַרויס זיין
קול:
ברילן ברילט ער איבער זיין פיטערפּלאַץ,
„הֵידָד!" ווי ווייַנטרעטער שרייט ער
אויף אַלע באַוווינער פון דער ערד.
31 דער ליאַרעם גרייכט ביז עק ערד,
וואָרום גאָט האָט אַ קריג מיט די פעלקער,
ער משפט זיך מיט אַלע לייבער;
די רשעים, זיי גיט ער איבער צום שווערד,
זאָגט גאָט.

32 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאות:
זע, אַן אומגליק גייט אַרויס
פון פאָלק צו פאָלק,
און אַ גרויסער שטורעם וועט זיך דערוועקן
אין די עקן פון דער ערד.
33 און די דערשלאָגענע פון גאָט וועלן זיין אין יענעם
טאָג
פון עק ערד ביז עק ערד;
זיי וועלן ניט באַקלאָגט, און ניט איינגעזאַמלט
און ניט באַגראָבן ווערן;
צו מיסט אויפן געזיכט פון דער ערד וועלן זיי זיין.
34 יאָמערט, איר פאַסטוכער, און שרייט,
און קייקלט אייך [אין שטויב], איר פירער פון די שאָף,
וואָרום אייערע טעג זיינען פול צום שעכטן;

און איך וועל אייך צעברעכן,
און איר וועט פאַלן ווי אַ כּלי אַ טייערע.
35 און קיין אַנטלויפונג וועט ניט זיין פאַר די פאַסטוכער,
און קיין אַנטרינונג פאַר די פירער פון די שאָף.
36 אַ קול פון געשריי פון די פאַסטוכער,
און אַ יללה פון די פירער פון די שאָף!
וואָרום גאָט פאַרוויסט זייער פיטערונג.
37 און פאַרשניטן וועלן ווערן די פרידלעכע פיטער־
פלעצער,
פון וועגן דעם גרימצאָרן פון גאָט.
38 ער האָט פאַרלאָזן ווי אַ יונגלייב זיין צודעק;
זייער לאַנד איז געוואָרן צו וויסט
פון וועגן דעם גרים פון דער פאַרטיליקערין,
און פון וועגן דעם גרים פון זיין צאָרן.

כו 1 אין אָנהייב פון דער מלוכה פון יהוֹיָקים דעם זון פון יאשִיָהון, דעם מלך פון יהודה, איז געווען דאָסדאָזיקע
וואָרט פון גאָט, אַזוי צו זאָגן: 2 אַזוי האָט גאָט געזאָגט: שטעל זיך אין הויף פון גאָטס הויז, און זאָלסט רעדן

א פאַרבינדט זיך מיט פסוק 15.   ב ביינאָמען פון בָבל.   ג ד. ה. פון דער שווערד וואָס פאַרטיליקט. זע מו, 16.

בַּחֲצַר בֵּית־יְהוָה וְדִבַּרְתָּ עַל־כָּל־עָרֵי יְהוּדָה הַבָּאִים
לְהִשְׁתַּחֲוֹת בֵּית־יְהוָה אֵת כָּל־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוִּיתִיךָ לְדַבֵּר
ג אֲלֵיהֶם אַל־תִּגְרַע דָּבָר׃ אוּלַי יִשְׁמְעוּ וְיָשֻׁבוּ אִישׁ מִדַּרְכּוֹ
הָרָעָה וְנִחַמְתִּי אֶל־הָרָעָה אֲשֶׁר אָנֹכִי חֹשֵׁב לַעֲשׂוֹת לָהֶם
ד מִפְּנֵי רֹעַ מַעַלְלֵיהֶם׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה אָמַר יְהוָה
אִם־לֹא תִשְׁמְעוּ אֵלַי לָלֶכֶת בְּתוֹרָתִי אֲשֶׁר נָתַתִּי לִפְנֵיכֶם׃
ה לִשְׁמֹעַ עַל־דִּבְרֵי עֲבָדַי הַנְּבִאִים אֲשֶׁר אָנֹכִי שֹׁלֵחַ אֲלֵיכֶם
ו וְהַשְׁכֵּם וְשָׁלֹחַ וְלֹא שְׁמַעְתֶּם׃ וְנָתַתִּי אֶת־הַבַּיִת הַזֶּה
כְּשִׁלֹה וְאֶת־הָעִיר הַזֹּאתָה אֶתֵּן לִקְלָלָה לְכֹל גּוֹיֵ הָאָרֶץ׃
ז וַיִּשְׁמְעוּ הַכֹּהֲנִים וְהַנְּבִאִים וְכָל־הָעָם אֶת־יִרְמְיָהוּ
ח מְדַבֵּר אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה בְּבֵית יְהוָה׃ וַיְהִי | כְּכַלּוֹת
יִרְמְיָהוּ לְדַבֵּר אֵת כָּל־אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה לְדַבֵּר אֶל־כָּל־
הָעָם וַיִּתְפְּשׂוּ אֹתוֹ הַכֹּהֲנִים וְהַנְּבִאִים וְכָל־הָעָם לֵאמֹר
ט מוֹת תָּמוּת׃ מַדּוּעַ נִבֵּיתָ בְשֵׁם־יְהוָה לֵאמֹר כְּשִׁלוֹ יִהְיֶה
הַבַּיִת הַזֶּה וְהָעִיר הַזֹּאת תֶּחֱרַב מֵאֵין יוֹשֵׁב וַיִּקָּהֵל כָּל־
י הָעָם אֶל־יִרְמְיָהוּ בְּבֵית יְהוָה׃ וַיִּשְׁמְעוּ | שָׂרֵי יְהוּדָה אֵת
הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיַּעֲלוּ מִבֵּית־הַמֶּלֶךְ בֵּית יְהוָה וַיֵּשְׁבוּ
יא בְּפֶתַח שַׁעַר־יְהוָה הֶחָדָשׁ׃ וַיֹּאמְרוּ הַכֹּהֲנִים וְהַנְּבִאִים
אֶל־הַשָּׂרִים וְאֶל־כָּל־הָעָם לֵאמֹר מִשְׁפַּט־מָוֶת לָאִישׁ הַזֶּה
כִּי נִבָּא אֶל־הָעִיר הַזֹּאת כַּאֲשֶׁר שְׁמַעְתֶּם בְּאָזְנֵיכֶם׃
יב וַיֹּאמֶר יִרְמְיָהוּ אֶל־כָּל־הַשָּׂרִים וְאֶל־כָּל־הָעָם לֵאמֹר יְהוָה
שְׁלָחַנִי לְהִנָּבֵא אֶל־הַבַּיִת הַזֶּה וְאֶל־הָעִיר הַזֹּאת אֵת כָּל־
יג הַדְּבָרִים אֲשֶׁר שְׁמַעְתֶּם׃ וְעַתָּה הֵיטִיבוּ דַרְכֵיכֶם וּמַעַלְלֵיכֶם
וְשִׁמְעוּ בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם וְיִנָּחֵם יְהוָה אֶל־הָרָעָה אֲשֶׁר
יד דִּבֶּר עֲלֵיכֶם׃ וַאֲנִי הִנְנִי בְיֶדְכֶם עֲשׂוּ־לִי כַּטּוֹב וְכַיָּשָׁר
טו בְּעֵינֵיכֶם׃ אַךְ | יָדֹעַ תֵּדְעוּ כִּי אִם־מְמִתִים אַתֶּם אֹתִי כִּי־
דָם נָקִי אַתֶּם נֹתְנִים עֲלֵיכֶם וְאֶל־הָעִיר הַזֹּאת וְאֶל־יֹשְׁבֶיהָ

ו׳ יתיר ה   חסר י   ט׳ כצ״ל

צו אַלע שטעט פון יהודה וואָס קומען זיך בוקן אין הויז פון גאָט, אַלע ווערטער וואָס איך האָב דיר באַפוילן צו רעדן צו זיי; זאָלסט ניט מינערן אַ וואָרט. [3] אפשר וועלן זיי הערן, און זיי וועלן זיך אומקערן איטלעכער פון זיין שלעכטן וועג, און איך וועל חרטה האָבן אויף דעם בייז וואָס איך טראַכט זיי צו טאָן, פון וועגן זייערע שלעכטע מעשׂים. [4] און זאָלסט זאָגן צו זיי: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אויב איר וועט ניט צוהערן צו מיר, צו גיין אין מיין תּורה וואָס איך האָב געלייגט פאַר אייך, [5] צוצוהערן צו די ווערטער פון מיינע קנעכט די נביאים, וואָס איך שיק צו אייך, און שיק נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד, און איר האָט ניט צוגעהערט, [6] וועל איך מאַכן דאָס דאָזיקע הויז אַזוי ווי שילו, און די דאָזיקע שטאָט וועל איך מאַכן פאַר אַ קללה ביי אַלע פעלקער פון דער ערד.

[7] און די כּהנים און די נביאים און דאָס גאַנצע פאָלק האָבן געהערט יִרמיָהון רעדן די דאָזיקע ווערטער אין הויז פון גאָט. [8] און עס איז געווען, ווי יִרמיָהו האָט געענדיקט רעדן אַלץ וואָס גאָט האָט אים באַפוילן צו רעדן צום גאַנצן פאָלק, אַזוי האָבן די כּהנים און די נביאים און דאָס גאַנצע פאָלק אים אָנגעכאַפּט, אַזוי צו זאָגן: שטאַרבן מוזטו שטאַרבן! [9] אַלמאַי האָסטו נביאות געזאָגט אין נאָמען פון גאָט, אַזוי צו זאָגן: אַזוי ווי שילו וועט ווערן דאָס דאָזיקע הויז, און די דאָזיקע שטאָט וועט זיין וויסט אָן אַ באַוווינער? און דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך איינגעזאַמלט קעגן יִרמיָהון אין הויז פון גאָט.

[10] און די האַרן פון יהודה האָבן געהערט די דאָזיקע ווערטער, און זיי זיינען אַרויפגעקומען פון דעם מלכס הויז אין הויז פון גאָט, און האָבן זיך געזעצט אין איינגאַנג פון דעם נייעם טויער פון גאָט. [11] און די כּהנים און די נביאים האָבן געזאָגט צו די האַרן און צום גאַנצן פאָלק, אַזוי צו זאָגן: טויטשטראָף קומט דעמדאָזיקן מאַן, ווייל ער האָט נביאות געזאָגט אויף דערדאָזיקער שטאָט, אַזוי ווי איר האָט געהערט מיט אייערע אויערן. [12] האָט יִרמיָהו געזאָגט צו אַלע האַרן און צום גאַנצן פאָלק, אַזוי צו זאָגן: גאָט האָט מיך געשיקט נביאות צו זאָגן אויף דעמדאָזיקן הויז און אויף דערדאָזיקער שטאָט אַלע ווערטער וואָס איר האָט געהערט. [13] און אַצונד בעסערט אייערע וועגן און אייערע מעשׂים, און הערט צו דעם קָול פון יהוה אייער גאָט, און יהוה וועט חרטה האָבן אויף דעם בייז וואָס ער האָט אָנגעזאָגט אויף אייך. [14] און איך, אָט בין איך אין אייערע הענט, טוט מיט מיר אַזוי ווי עס איז גוט און ווי עס איז רעכטפאַרטיק אין אייערע אויגן. [15] אָבער וויסן זאָלט איר וויסן, אַז אויב איר טייט מיך, ברענגט איר אומשולדיק בלוט אויף אייך, און אויף

כִּי בֶאֱמֶת שְׁלָחַנִי יְהוָה עֲלֵיכֶם לְדַבֵּר בְּאָזְנֵיכֶם אֵת כָּל־
טז הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ וַיֹּאמְרוּ הַשָּׂרִים וְכָל־הָעָם אֶל־הַכֹּהֲנִים
וְאֶל־הַנְּבִיאִים אֵין־לָאִישׁ הַזֶּה מִשְׁפַּט־מָוֶת כִּי בְּשֵׁם יְהוָה
יז אֱלֹהֵינוּ דִּבֶּר אֵלֵינוּ׃ וַיָּקֻמוּ אֲנָשִׁים מִזִּקְנֵי הָאָרֶץ וַיֹּאמְרוּ
יח אֶל־כָּל־קְהַל הָעָם לֵאמֹר׃ מִיכָה הַמּוֹרַשְׁתִּי הָיָה נִבָּא
בִּימֵי חִזְקִיָּהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה וַיֹּאמֶר אֶל־כָּל־עַם יְהוּדָה לֵאמֹר
כֹּה־אָמַר ׀ יְהוָה צְבָאוֹת צִיּוֹן שָׂדֶה תֵחָרֵשׁ וִירוּשָׁלַיִם עִיִּים
יט תִּהְיֶה וְהַר הַבַּיִת לְבָמוֹת יָעַר׃ הֶהָמֵת הֱמִתֻהוּ חִזְקִיָּהוּ
מֶלֶךְ־יְהוּדָה וְכָל־יְהוּדָה הֲלֹא יָרֵא אֶת־יְהוָה וַיְחַל אֶת־
פְּנֵי יְהוָה וַיִּנָּחֶם יְהוָה אֶל־הָרָעָה אֲשֶׁר־דִּבֶּר עֲלֵיהֶם
כ וַאֲנַחְנוּ עֹשִׂים רָעָה גְדוֹלָה עַל־נַפְשׁוֹתֵינוּ׃ וְגַם־אִישׁ הָיָה
מִתְנַבֵּא בְּשֵׁם יְהוָה אוּרִיָּהוּ בֶּן־שְׁמַעְיָהוּ מִקִּרְיַת הַיְּעָרִים
וַיִּנָּבֵא עַל־הָעִיר הַזֹּאת וְעַל־הָאָרֶץ הַזֹּאת כְּכֹל דִּבְרֵי
כא יִרְמְיָהוּ׃ וַיִּשְׁמַע הַמֶּלֶךְ יְהוֹיָקִים וְכָל־גִּבּוֹרָיו וְכָל־הַשָּׂרִים
אֶת־דְּבָרָיו וַיְבַקֵּשׁ הַמֶּלֶךְ הֲמִיתוֹ וַיִּשְׁמַע אוּרִיָּהוּ וַיִּרָא
כב וַיִּבְרַח וַיָּבֹא מִצְרָיִם׃ וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ יְהוֹיָקִים אֲנָשִׁים
מִצְרָיִם אֶת־אֶלְנָתָן בֶּן־עַכְבּוֹר וַאֲנָשִׁים אִתּוֹ אֶל־מִצְרָיִם׃
כג וַיּוֹצִיאוּ אֶת־אוּרִיָּהוּ מִמִּצְרַיִם וַיְבִאֻהוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ יְהוֹיָקִים
כד וַיַּכֵּהוּ בֶּחָרֶב וַיַּשְׁלֵךְ אֶת־נִבְלָתוֹ אֶל־קִבְרֵי בְּנֵי הָעָם׃ אַךְ
יַד אֲחִיקָם בֶּן־שָׁפָן הָיְתָה אֶת־יִרְמְיָהוּ לְבִלְתִּי תֵּת־אֹתוֹ
בְיַד־הָעָם לַהֲמִיתוֹ׃

## כז

א בְּרֵאשִׁית מַמְלֶכֶת יְהוֹיָקִם בֶּן־יֹאושִׁיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה הָיָה
ב הַדָּבָר הַזֶּה אֶל־יִרְמְיָה מֵאֵת יְהוָה לֵאמֹר׃ כֹּה־אָמַר
יְהוָה אֵלַי עֲשֵׂה לְךָ מוֹסֵרוֹת וּמֹטוֹת וּנְתַתָּם עַל־צַוָּארֶךָ׃
ג וְשִׁלַּחְתָּם אֶל־מֶלֶךְ אֱדוֹם וְאֶל־מֶלֶךְ מוֹאָב וְאֶל־מֶלֶךְ בְּנֵי
עַמּוֹן וְאֶל־מֶלֶךְ צֹר וְאֶל־מֶלֶךְ צִידוֹן בְּיַד מַלְאָכִים הַבָּאִים

כו, יח׳ מכה קרי   כז, א׳ מלא ו

דערדאָזיקער שטאָט, און אויף אירע באַוווינער, וואָרום גאָט האָט מיך באמת געשיקט צו אַייך, צו רעדן אין אַייערע אויערן אַלע דידאָזיקע ווערטער.
[16] האָבן די האַרן און דאָס גאַנצע פאָלק געזאָגט צו די כּהנים און צו די נביאים: דעמדאָזיקן מאַן קומט ניט טויטשטראָף, וואָרום אין נאָמען פון יהוה אונדזער גאָט האָט ער גערעדט צו אונדז. [17] און מענער פון די עלטסטע פון לאַנד זיינען אויפגעשטאַנען, און האָבן געזאָגט צו דער גאַנצער אַיינזאַמלונג פון פאָלק, אַזוי צו זאָגן: [18] מיכָה פון מוֹרֶשֶׁת פלעגט נביאות זאָגן אין די טעג פון חִזקִיָהו דעם מלך פון יהודה, און האָט געזאָגט צום גאַנצן פאָלק פון יהודה אַזוי צו זאָגן:

אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאוֹת:
צִיוֹן וועט ווי אַ פעלד צעאַקערט ווערן,
און ירושָלַיִם וועט הויפנס ווערן,
און דער באַרג פון [גאָטס] הויז צו וואַלדיקע הייכן.

[19] האָבן אים דען טייטן געטייט חִזקִיָהו דער מלך פון יהודה און גאַנץ יהודה? פאַרוואָר, ער האָט מוֹרא געהאַט פאַר גאָט, און ער האָט געבעטן ביי גאָט, און גאָט האָט חרטה געהאַט אויף דעם בייז וואָס ער האָט אָנגעזאָגט אויף זיי; און מיר טוען זיך אַליין אַ גרויס בייז.
[20] און נאָך אַ מאַן פלעגט נביאות זאָגן אין נאָמען פון גאָט, אורִיָהו דער זון פון שמַעיָהון, פון קִריַת־יעָרים; און ער האָט נביאות געזאָגט אויף דערדאָזיקער שטאָט און אויף דעמדאָזיקן לאַנד, אַזוי ווי אַלע ווערטער פון יִרמיָהון. [21] און דער מלך יהוֹיָקים, און אַלע זיינע גיבוֹרים, און אַלע האַרן, האָבן געהערט זיינע ווערטער, און דער מלך האָט אים געזוכט צו טייטן; אָבער אורִיָהו האָט געהערט דערפון, און ער האָט מוֹרא געקריגן, און איז אַנטלאָפן און געקומען קיין מִצרַיִם. [22] האָט דער מלך יהוֹיָקים געשיקט מענטשן קיין מִצרַיִם, אֶלנָתָן דעם זון פון עַכבּוֹרן, און נאָך מענטשן מיט אים, קיין מִצרַיִם. [23] און זיי האָבן אַרויסגעצויגן אורִיָהון פון מִצרַיִם, און האָבן אים געבראַכט צום מלך יהוֹיָקים, און ער האָט אים דערשלאָגן מיטן שווערד, און אַוועקגעוואָרפן זיין טויטן לייב צווישן די קברים פון די קינדער פון פאָלק. [24] אָבער די האַנט פון אַחיקָם דעם זון פון שָפָנען איז געווען מיט יִרמיָהון, אַז מע זאָל אים ניט געבן אין דער האַנט פון פאָלק אים צו טייטן.

## כז

[1] אין אָנהייב פון דער מלוכה פון יהוֹיָקים דעם זון פון יאשִיָהון, דעם מלך פון יהודה, איז געווען דאָסדאָזיקע וואָרט צו יִרמיָהן פון גאָט, אַזוי צו זאָגן: [2] אַזוי האָט געזאָגט גאָט צו מיר: מאַך דיר בינדשטריק און יאָכשטאַנגען, און זאָלסט זיי אָנטאָן אויף דיין האַלדז. [3] און זאָלסט זיי שיקן צו דעם מלך פון אֶדוֹם, און צו דעם מלך פון מוֹאָב, און צו דעם מלך פון די קינדער פון עַמוֹן, און צו דעם מלך פון צוֹר, און צו דעם מלך פון צידוֹן, דורך דער האַנט פון די שלוחים

ד יְרוּשָׁלָ͏ִם אֶל־צִדְקִיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ וְצִוִּיתָ אֹתָם אֶל־
אֲדֹנֵיהֶם לֵאמֹר כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כֹּה
ה תֹאמְרוּ אֶל־אֲדֹנֵיכֶם׃ אָנֹכִי עָשִׂיתִי אֶת־הָאָרֶץ אֶת־הָאָדָם
וְאֶת־הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הָאָרֶץ בְּכֹחִי הַגָּדוֹל וּבִזְרוֹעִי
ו הַנְּטוּיָה וּנְתַתִּיהָ לַאֲשֶׁר יָשַׁר בְּעֵינָי׃ וְעַתָּה אָנֹכִי נָתַתִּי
אֶת־כָּל־הָאֲרָצוֹת הָאֵלֶּה בְּיַד נְבוּכַדְנֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל
ז עַבְדִּי וְגַם אֶת־חַיַּת הַשָּׂדֶה נָתַתִּי לוֹ לְעָבְדוֹ׃ וְעָבְדוּ אֹתוֹ
כָל־הַגּוֹיִם וְאֶת־בְּנוֹ וְאֶת־בֶּן־בְּנוֹ עַד בֹּא־עֵת אַרְצוֹ גַּם־
ח הוּא וְעָבְדוּ בוֹ גּוֹיִם רַבִּים וּמְלָכִים גְּדֹלִים׃ וְהָיָה הַגּוֹי
וְהַמַּמְלָכָה אֲשֶׁר לֹא־יַעַבְדוּ אֹתוֹ אֶת־נְבוּכַדְנֶאצַּר מֶלֶךְ־
בָּבֶל וְאֵת אֲשֶׁר לֹא־יִתֵּן אֶת־צַוָּארוֹ בְּעֹל מֶלֶךְ בָּבֶל
בַּחֶרֶב וּבָרָעָב וּבַדֶּבֶר אֶפְקֹד עַל־הַגּוֹי הַהוּא נְאֻם־יְהוָה
ט עַד־תֻּמִּי אֹתָם בְּיָדוֹ׃ וְאַתֶּם אַל־תִּשְׁמְעוּ אֶל־נְבִיאֵיכֶם
וְאֶל־קֹסְמֵיכֶם וְאֶל חֲלֹמֹתֵיכֶם וְאֶל־עֹנְנֵיכֶם וְאֶל־כַּשָּׁפֵיכֶם
אֲשֶׁר־הֵם אֹמְרִים אֲלֵיכֶם לֵאמֹר לֹא תַעַבְדוּ אֶת־מֶלֶךְ
י בָּבֶל׃ כִּי שֶׁקֶר הֵם נִבְּאִים לָכֶם לְמַעַן הַרְחִיק אֶתְכֶם
יא מֵעַל אַדְמַתְכֶם וְהִדַּחְתִּי אֶתְכֶם וַאֲבַדְתֶּם׃ וְהַגּוֹי אֲשֶׁר
יָבִיא אֶת־צַוָּארוֹ בְּעֹל מֶלֶךְ־בָּבֶל וַעֲבָדוֹ וְהִנַּחְתִּיו עַל־
יב אַדְמָתוֹ נְאֻם־יְהוָה וַעֲבָדָהּ וְיָשַׁב בָּהּ׃ וְאֶל־צִדְקִיָּה מֶלֶךְ־
יְהוּדָה דִּבַּרְתִּי כְּכָל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה לֵאמֹר הָבִיאוּ אֶת־
יג צַוְּארֵיכֶם בְּעֹל ׀ מֶלֶךְ בָּבֶל וְעִבְדוּ אֹתוֹ וְעַמּוֹ וִחְיוּ׃ לָמָּה
תָמוּתוּ אַתָּה וְעַמֶּךָ בַּחֶרֶב בָּרָעָב וּבַדָּבֶר כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר
יד יְהוָה אֶל־הַגּוֹי אֲשֶׁר לֹא־יַעֲבֹד אֶת־מֶלֶךְ בָּבֶל׃ וְאַל־
תִּשְׁמְעוּ אֶל־דִּבְרֵי הַנְּבִאִים הָאֹמְרִים אֲלֵיכֶם לֵאמֹר לֹא
טו תַעַבְדוּ אֶת־מֶלֶךְ בָּבֶל כִּי שֶׁקֶר הֵם נִבְּאִים לָכֶם׃ כִּי לֹא
שְׁלַחְתִּים נְאֻם־יְהוָה וְהֵם נִבְּאִים בִּשְׁמִי לַשָּׁקֶר לְמַעַן
הַדִּיחִי אֶתְכֶם וַאֲבַדְתֶּם אַתֶּם וְהַנְּבִאִים הַנִּבְּאִים לָכֶם׃
טז וְאֶל־הַכֹּהֲנִים וְאֶל־כָּל־הָעָם הַזֶּה דִּבַּרְתִּי לֵאמֹר כֹּה אָמַר

וואָס קומען קיין ירושָלַיִם צו צִדקִיָהו דעם מלך פון יהודה. [4] און זאָלסט זיי באַפעלן פאַר זייערע האַרן, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבָאות, דער גאָט פון ישׂראל: אַזוי זאָלט איר זאָגן צו אַייערע האַרן: [5] איך האָב געמאַכט די ערד, די מענטשן און די בהמות וואָס אויפן געזיכט פון דער ערד, מיט מיין גרויס שטאַרקייט, און מיט מיין אויס־געשטרעקטן אָרעם; און איך גיב עס צו דעם וואָס איז וויל־געפעלן אין מיינע אויגן. [6] און אַצונד האָב איך געגעבן אַלע דידאָזיקע לענדער אין דער האַנט פון נבוכַדנֶצַר דעם מלך פון בָּבל, מיין קנעכט, און אויך די חיה פון פעלד האָב איך אים געגעבן אים צו דינען. [7] און אַלע פעלקער וועלן דינען אים, און זיין זון, און זיין זונס זון, ביז עס קומט די צייט אויך פון זיין לאַנד, און פיל פעלקער און גרויסע מלכים וועלן אים פאַרקנעכטן. [8] און עס וועט זיין, דאָס פאָלק און דאָס קיניגרייך וואָס וועט אים, נבוכַדנֶצַר דעם מלך פון בָּבל, ניט דינען, און וואָס וועט ניט אַריינטאָן זיין האַלדז אין דעם יאָך פון דעם מלך פון בָּבל, וועל איך מיט שווערד און מיט הונגער און מיט פּעסט זיך אָפּרעכענען מיט יענעם פאָלק, זאָגט גאָט, ביז איך טו זיי פאַרלענדן דורך זיין האַנט. [9] און איר זאָלט ניט צו־הערן צו אַייערע נביאים, און צו אַייערע וואָרזאָגער, און צו אַייערע חלומות, און צו אַייערע צייכנזעער, און צו אַייערע מכשפים, וואָס זאָגן אַייך, אַזוי צו זאָגן: איר וועט ניט דינען דעם מלך פון בָּבל. [10] וואָרום ליגן זאָגן זיי אַייך נביאות, כּדי אַייך צו דערווייטערן פון אַייער ערד, און כּדי איך זאָל אַייך פאַרשטויסן, און איר זאָלט אונטערגיין. [11] אָבער דאָס פאָלק וואָס וועט אַריינברענגען זיין האַלדז אין דעם יאָך פון דעם מלך פון בָּבל, און וועט אים דינען, וועל איך אים לאָזן אויף זיין ערד, זאָגט גאָט, און ער וועט זי באַאַרבעטן, און זיצן אויף איר.

[12] אויך צו צִדקִיָה דעם מלך פון יהודה האָב איך גערעדט אַזוי ווי אַלע דידאָזיקע ווערטער, אַזוי צו זאָגן: בּרענגט אַריין אַייער האַלדז אין דעם יאָך פון דעם מלך פון בָּבל, און דינט אים און זיין פאָלק, און בלייבט לעבן. [13] נאָך וואָס זאָלט איר שטאַרבן, דו און דיין פאָלק, פון שווערד, פון הונגער, און פון פּעסט, אַזוי ווי גאָט האָט אָנגעזאָגט אויף דעם פאָלק וואָס וועט ניט דינען דעם מלך פון בָּבל? [14] און איר זאָלט ניט צוהערן צו די ווערטער פון די נביאים וואָס זאָגן צו אַייך, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט ניט דינען דעם מלך פון בָּבל; וואָרום ליגן זאָגן זיי אַייך נביאות. [15] וואָרום איך האָב זיי ניט געשיקט, זאָגט גאָט, און זיי זאָגן נביאות אין מיין נאָמען אויף ליגן, כּדי איך זאָל אַייך פאַרשטויסן, און אי איר זאָלט אונטערגיין, אי די נביאים וואָס זאָגן אַייך נביאות.

[16] און צו די כֹּהנים און צו דעמדאָזיקן גאַנצן פאָלק האָב איך גערעדט, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איר

זאָלט ניט צוהערן צו די ווערטער פון אייערע נביאים וואָס
זאָגן אייך נביאות, אַזוי צו זאָגן: אָט וועלן די כּלים פון גאָטס
הויז אַצונד אין גיכן אומגעקערט ווערן פון־בָּבל; וואָרום
ליגן זאָגן זיי אייך נביאות. [17] איר זאָלט ניט צוהערן צו זיי;
דינט דעם מלך פון בָּבל, און בלייבט לעבן; נאָך וואָס זאָל
די דאָזיקע שטאָט ווערן אַ וויסטעניש? [18] און אויב זיי זיינען
נביאים, און אויב דאָס וואָרט פון גאָט איז בּיי זיי, זאָלן זיי
אַקאָרשט בעטן בּיי גאָט פון צבָאות, אַז די כּלים וואָס זיינען
נאָך געבליבן אין הויז פון גאָט, און אין הויז פון דעם מלך
פון יהודה, און אין ירושָלַיִם, זאָלן ניט אָנקומען קיין בָּבל.
[19] וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאות אויף די זיילן,
און אויף דעם ים[א], און אויף די געשטעלן, און אויף דעם
רעשט כּלים, וואָס זיינען געבליבן אין דער דאָזיקער
שטאָט, [20] די וואָס נבוכַדנֶצַר דער מלך פון בָּבל האָט זיי
ניט צוגענומען, ווען ער האָט פאַרטריבן יכָניָה דעם זון פון
יהוֹיָקימען, דעם מלך פון יהודה, פון ירושָלַיִם קיין בָּבל,
מיט אַלע אַדללייט פון יהודה און ירושָלַיִם; [21] פאַרוואָר,
אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבָאות, דער גאָט פון ישׂראל,
אויף די כּלים וואָס זיינען געבליבן אין הויז פון גאָט, און אין
הויז פון דעם מלך פון יהודה, און אין ירושָלַיִם: [22] קיין
בָּבל וועלן זיי געבראַכט ווערן, און דאָרטן וועלן זיי זיין, ביז
דעם טאָג וואָס איך טו זיך דערמאָנען אָן זיי, זאָגט גאָט, און
וועל זיי אויפברענגען און זיי אומקערן צו דעם דאָזיקן אָרט.

יְהוָה אַל־תִּשְׁמְעוּ אֶל־דִּבְרֵי נְבִיאֵיכֶם הַנִּבְּאִים לָכֶם לֵאמֹר
הִנֵּה כְלֵי בֵית־יְהוָה מוּשָׁבִים מִבָּבֶלָה עַתָּה מְהֵרָה כִּי שֶׁקֶר
יז הֵמָּה נִבְּאִים לָכֶם׃ אַל־תִּשְׁמְעוּ אֲלֵיהֶם עִבְדוּ אֶת־מֶלֶךְ
יח בָּבֶל וִחְיוּ לָמָּה תִהְיֶה הָעִיר הַזֹּאת חָרְבָּה׃ וְאִם־נְבִאִים
הֵם וְאִם־יֵשׁ דְּבַר־יְהוָה אִתָּם יִפְגְּעוּ־נָא בַיהוָה צְבָאוֹת
לְבִלְתִּי־בֹאוּ הַכֵּלִים ׀ הַנּוֹתָרִים בְּבֵית־יְהוָה וּבֵית מֶלֶךְ
יט יְהוּדָה וּבִירוּשָׁלִַם בָּבֶלָה׃ כִּי כֹה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
אֶל־הָעַמֻּדִים וְעַל־הַיָּם וְעַל־הַמְּכֹנוֹת וְעַל יֶתֶר הַכֵּלִים
כ הַנּוֹתָרִים בָּעִיר הַזֹּאת׃ אֲשֶׁר לֹא־לְקָחָם נְבוּכַדְנֶאצַּר
מֶלֶךְ בָּבֶל בַּגְלוֹתוֹ אֶת־יְכוֹנְיָה בֶן־יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ־יְהוּדָה
מִירוּשָׁלִַם בָּבֶלָה וְאֵת כָּל־חֹרֵי יְהוּדָה וִירוּשָׁלִָם׃
כא כִּי כֹה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל עַל־הַכֵּלִים
כב הַנּוֹתָרִים בֵּית יְהוָה וּבֵית מֶלֶךְ־יְהוּדָה וִירוּשָׁלִָם׃ בָּבֶלָה
יוּבָאוּ וְשָׁמָּה יִהְיוּ עַד יוֹם פָּקְדִי אֹתָם נְאֻם־יְהוָה וְהַעֲלִיתִים
וַהֲשִׁיבֹתִים אֶל־הַמָּקוֹם הַזֶּה׃

כח

א וַיְהִי ׀ בַּשָּׁנָה הַהִיא בְּרֵאשִׁית מַמְלֶכֶת צִדְקִיָּה מֶלֶךְ־
יְהוּדָה בִּשְׁנַת הָרְבִעִית בַּחֹדֶשׁ הַחֲמִישִׁי אָמַר אֵלַי חֲנַנְיָה
בֶן־עַזּוּר הַנָּבִיא אֲשֶׁר מִגִּבְעוֹן בְּבֵית יְהוָה לְעֵינֵי הַכֹּהֲנִים
ב וְכָל־הָעָם לֵאמֹר׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
ג לֵאמֹר שָׁבַרְתִּי אֶת־עֹל מֶלֶךְ בָּבֶל׃ בְּעוֹד ׀ שְׁנָתַיִם יָמִים
אֲנִי מֵשִׁיב אֶל־הַמָּקוֹם הַזֶּה אֶת־כָּל־כְּלֵי בֵּית יְהוָה אֲשֶׁר
לָקַח נְבוּכַדְנֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל מִן־הַמָּקוֹם הַזֶּה וַיְבִיאֵם
ד בָּבֶל׃ וְאֶת־יְכָנְיָה בֶן־יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ־יְהוּדָה וְאֶת־כָּל־גָּלוּת
יְהוּדָה הַבָּאִים בָּבֶלָה אֲנִי מֵשִׁיב אֶל־הַמָּקוֹם הַזֶּה נְאֻם־
ה יְהוָה כִּי אֶשְׁבֹּר אֶת־עֹל מֶלֶךְ בָּבֶל׃ וַיֹּאמֶר יִרְמְיָה
הַנָּבִיא אֶל־חֲנַנְיָה הַנָּבִיא לְעֵינֵי הַכֹּהֲנִים וּלְעֵינֵי כָּל־הָעָם

כז, כ׳ יחוד׳ כח, א׳ בשנה קרי

## כח

[1] און עס איז געווען אין יענעם יאָר, אין אָנהייב פון דער מלוכה פון צדקִיָה דעם מלך פון יהודה, אין פירטן
יאָר, אין פינפטן חודש, האָט צו מיר געזאָגט חַנַנִיָה דער זון פון עַזור דעם נביא וואָס פון גִבעוֹן, אין הויז
פון גאָט פאַר די אויגן פון די כֹּהנים און פון גאַנצן פאָלק, אַזוי צו זאָגן: [2] אַזוי האָט גערעדט יהוה פון צבָאות, דער גאָט
פון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: איך האָב צעבראָכן דעם יאָך פון דעם מלך פון בָּבל. [3] אין נאָך צוויי יאָר צייט קער איך אום
צו דעם דאָזיקן אָרט אַלע כּלים פון גאָטס הויז, וואָס נבוכַדנֶצַר דער מלך פון בָּבל האָט אַוועקגענומען פון דעם דאָזיקן
אָרט, און זיי געבראַכט קיין בָּבל; [4] און יכָניָה דעם זון פון יהוֹיָקימען, דעם מלך פון יהודה, און אַלע פאַרטריבענע פון
יהודה, וואָס זיינען געקומען קיין בָּבל, קער איך אום צו דעם דאָזיקן אָרט, זאָגט גאָט; וואָרום איך וועל צעברעכן דעם
יאָך פון דעם מלך פון בָּבל.
[5] האָט יִרמְיָה הנביא געזאָגט צו חַנַנְיָה דעם נביא פאַר די אויגן פון די כֹּהנים, און פאַר די אויגן פון דעם גאַנצן פאָלק,

[א] זע מלכים א׳ ז, 23.

הָעֹמְדִים בְּבֵית יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר יִרְמְיָה הַנָּבִיא אָמֵן כֵּן ו
יַעֲשֶׂה יְהוָה יָקֵם יְהוָה אֶת־דְּבָרֶיךָ אֲשֶׁר נִבֵּאתָ לְהָשִׁיב
כְּלֵי בֵית־יְהוָה וְכָל־הַגּוֹלָה מִבָּבֶל אֶל־הַמָּקוֹם הַזֶּה׃ אַךְ ז
שְׁמַע־נָא הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי דֹּבֵר בְּאָזְנֶיךָ וּבְאָזְנֵי
כָּל־הָעָם׃ הַנְּבִיאִים אֲשֶׁר הָיוּ לְפָנַי וּלְפָנֶיךָ מִן־הָעוֹלָם ח
וַיִּנָּבְאוּ אֶל־אֲרָצוֹת רַבּוֹת וְעַל־מַמְלָכוֹת גְּדֹלוֹת לְמִלְחָמָה
וּלְרָעָה וּלְדָבֶר׃ הַנָּבִיא אֲשֶׁר יִנָּבֵא לְשָׁלוֹם בְּבֹא דְּבַר ט
הַנָּבִיא יִוָּדַע הַנָּבִיא אֲשֶׁר־שְׁלָחוֹ יְהוָה בֶּאֱמֶת׃ וַיִּקַּח חֲנַנְיָה י
הַנָּבִיא אֶת־הַמּוֹטָה מֵעַל צַוַּאר יִרְמְיָה הַנָּבִיא וַיִּשְׁבְּרֵהוּ׃
וַיֹּאמֶר חֲנַנְיָה לְעֵינֵי כָל־הָעָם לֵאמֹר כֹּה אָמַר יְהוָה כָּכָה יא
אֶשְׁבֹּר אֶת־עֹל ׀ נְבֻכַדְנֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל בְּעוֹד שְׁנָתַיִם
יָמִים מֵעַל צַוַּאר כָּל־הַגּוֹיִם וַיֵּלֶךְ יִרְמְיָה הַנָּבִיא לְדַרְכּוֹ׃
וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֶל־יִרְמְיָה אַחֲרֵי שְׁבוֹר חֲנַנְיָה יב
הַנָּבִיא אֶת־הַמּוֹטָה מֵעַל צַוַּאר יִרְמְיָה הַנָּבִיא לֵאמֹר׃
הָלוֹךְ וְאָמַרְתָּ אֶל־חֲנַנְיָה לֵאמֹר כֹּה אָמַר יְהוָה מוֹטֹת עֵץ יג
שָׁבָרְתָּ וְעָשִׂיתָ תַחְתֵּיהֶן מֹטוֹת בַּרְזֶל׃ כִּי כֹה־אָמַר יְהוָה יד
צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל עֹל בַּרְזֶל נָתַתִּי עַל־צַוַּאר ׀ כָּל־
הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה לַעֲבֹד אֶת־נְבֻכַדְנֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל וַעֲבָדֻהוּ
וְגַם אֶת־חַיַּת הַשָּׂדֶה נָתַתִּי לוֹ׃ וַיֹּאמֶר יִרְמְיָה הַנָּבִיא טו
אֶל־חֲנַנְיָה הַנָּבִיא שְׁמַע־נָא חֲנַנְיָה לֹא־שְׁלָחֲךָ יְהוָה וְאַתָּה
הִבְטַחְתָּ אֶת־הָעָם הַזֶּה עַל־שָׁקֶר׃ לָכֵן כֹּה אָמַר יְהוָה טז
הִנְנִי מְשַׁלֵּחֲךָ מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה הַשָּׁנָה אַתָּה מֵת כִּי־
סָרָה דִבַּרְתָּ אֶל־יְהוָה׃ וַיָּמָת חֲנַנְיָה הַנָּבִיא בַּשָּׁנָה הַהִיא יז
בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי׃

## כט

וְאֵלֶּה דִּבְרֵי הַסֵּפֶר אֲשֶׁר שָׁלַח יִרְמְיָה הַנָּבִיא מִירוּשָׁלָיִם א
אֶל־יֶתֶר זִקְנֵי הַגּוֹלָה וְאֶל־הַכֹּהֲנִים וְאֶל־הַנְּבִיאִים וְאֶל־

כח, ח׳ כ״א על׳ יא׳ חצי הספר בפסוקים

וואָס זיינען געשטאַנען אין הויז פון גאָט–6 האָט יִרמיָה הנביא געזאָגט: אָמן! זאָל גאָט טאָן אַזוי! זאָל גאָט מקיים זיין דיינע ווערטער וואָס דו האָסט נביאות געזאָגט, אומצוקערן די כלים פון גאָטס הויז, און אַלע פאַרטריבענע, פון בָבל צו דעמדאָזיקן אָרט. 7 אָבער הער אַקאָרשט דאָסדאָזיקע וואָרט, וואָס איך רעד אין דיינע אויערן, און אין די אויערן פון גאַנצן פאָלק: 8 די נביאים וואָס זיינען געווען פאַר מיר און פאַר דיר פון אייביק אָן, האָבן נביאות געזאָגט איבער פיל לענדער, און איבער גרויסע מלוכות, אויף מלחמה, און אויף אומגליק, און אויף פעסט. 9 דער נביא וואָס זאָגט נביאות אויף שלום, איז, ערשט אַז דאָס וואָרט פון דעם נביא קומט אָן, ווערט דער נביא דערקענט, אַז גאָט האָט אים מיט אַן אמת געשיקט.

10 האָט חֲנַניָה דער נביא אַראָפּגענומען דעם יאָכ־שטאַנג פון יִרמיָה הנביאס האַלדז, און האָט אים צעבראָכן. 11 און חֲנַניָה האָט געזאָגט פאַר די אויגן פון גאַנצן פאָלק, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אַזוי וועל איך צעברעכן דעם יאָך פון נבוכדנֶצַר דעם מלך פון בָבל, אין נאָך צוויי יאָר צייט, פון דעם האַלדז פון אַלע פעלקער.–און יִרמיָה הנביא איז געגאַנגען אויף זיין וועג.

12 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו יִרמיָהן, נאָכדעם ווי חֲנַניָה דער נביא האָט צעבראָכן דעם יאָכ־שטאַנג פון יִרמיָה הנביאס האַלדז, אַזוי צו זאָגן: 13 גיי, און זאָלסט זאָגן צו חֲנַניָהן, אַזוי צו זאָגן:

אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
הילצערנע שטאַנגען האָסטו צעבראָכן,
און וועסט מאַכן אָנשטאָט זיי אײַזערנע שטאַנגען.
14 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבָאוֹת,
דער גאָט פון ישׂראל:
אַן אײַזערנעם יאָך האָב איך געגעבן
אויפן האַלדז פון אַלע דידאָזיקע פעלקער,
צו דינען נבוכדנֶצַר דעם מלך פון בָבל,
און זיי וועלן אים דינען;
און אַפילו די חיה פון פעלד האָב איך אים געגעבן.

15 און יִרמיָה הנביא האָט געזאָגט צו חֲנַניָה דעם נביא: הער אַקאָרשט, חֲנַניָה, גאָט האָט דיך ניט געשיקט, און דו האָסט פאַרזיכערט דאָסדאָזיקע פאָלק אויף ליגן. 16 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט: זע, איך שיק דיך אַוועק פון געזיכט פון דער ערד; הײַיאָר וועסטו שטאַרבן, ווייל אָפּקערונג האָסטו גערעדט קעגן גאָט.–17 און חֲנַניָה דער נביא איז געשטאָרבן אין יענעם יאָר אין זיבעטן חודש.

## כט

1 און דאָס זיינען די ווערטער פון דעם בריוו וואָס יִרמיָה הנביא האָט געשיקט פון ירושָלַיִם צו דעם איבער־בלייב פון די עלטסטע פון די פאַרטריבענע, און צו די כֹּהנים, און צו די נביאים, און צו דעם גאַנצן פאָלק,

וואָס נבוכדנצר האָט פאַרטריבן פון ירושלים קיין בבל;
2 נאָכדעם ווי יכניה דער מלך, און די מוטער־מלכה, און
די הויפדינער, די האַרן פון יהודה און ירושלים, און די
מייַנסטערס און די שלעסערס, זייַנען אַרויסגעגאַנגען פון
ירושלים; 3 דורך דער האַנט פון אלעשה דעם זון פון
שפן, און גמריה דעם זון פון חלקיהן, וואָס צדקיה דער
מלך פון יהודה האָט געשיקט צו נבוכדנצר דעם מלך פון
בבל קיין בבל—אַזוי צו זאָגן:

4 אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבאות,
דער גאָט פון ישראל,
צו אַלע פאַרטריבענע וואָס איך האָב פאַרטריבן
פון ירושלים קיין בבל:
5 בויט הייזער און באַוווינט,
און פלאַנצט גערטנער און עסט זייער פרוכט;
6 נעמט ווייבער, און געבערט זין און טעכטער,
און נעמט ווייבער פאַר אייערע זין,
און גיט אויס אייערע טעכטער צו מאַנען,
און זאָלן זיי געבערן זין און טעכטער,
און מערט אייך דאָרטן, און מינערט אייך ניט.
7 און זוכט דעם פריד פון דער שטאָט
וואָס איך האָב אייך פאַרטריבן אַהין,
און זייט מתפלל פאַר איר צו גאָט,
וואָרום אין איר פריד וועט זיין פריד צו אייך.

8 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבאות,
דער גאָט פון ישראל:
זאָלן אייך ניט נאַרן אייערע נביאים וואָס צווישן אייך,
און אייערע וואָרזאָגערס,
און איר זאָלט ניט צוהערן צו אייערע חלומות
וואָס איר לאָזט חלומען.
9 וואָרום מיט ליגן זאָגן זיי אייך נביאות אין מיין נאָמען;
איך האָב זיי ניט געשיקט, זאָגט גאָט.

10 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פאַרוואָר, ווען זיבעציק יאָר וועלן פול אויף בבל,
וועל איך זיך דערמאָנען אָן אייך,
און וועל מקיים זיין מיין גוטן צוזאָג,
אייך אומצוקערן צו דעמדאָזיקן אָרט.
11 וואָרום איך ווייס די טראַכטונגען
וואָס איך טראַכט וועגן אייך, זאָגט גאָט,
טראַכטונגען פון פריד, און ניט צום בייזן,
כדי אייך צו געבן אַ לעצט און אַ האָפנונג.
12 און איר וועט מיך רופן,
און איר וועט גיין און וועט מתפלל זיין צו מיר,
און איך וועל צוהערן צו אייך.
13 און איר וועט מיך זוכן און געפינען,
אַז איר וועט מיך פאַרשן מיט אייער גאַנצן האַרצן.
14 און איך וועל זיך לאָזן געפינען פון אייך, זאָגט גאָט,
און איך וועל אומקערן אייער געפאַנגענשאַפט,
און וועל אייך איינזאַמלען פון אַלע פעלקער,
און פון אַלע ערטער,
וואָס איך האָב אייך פאַרשטויסן אַהין, זאָגט גאָט,
און איך וועל אייך אומקערן צו דעם אָרט,
וואָס איך האָב אייך פאַרטריבן פון דאָרטן.
15 ווייל איר האָט געזאָגט:
גאָט האָט אונדז אויפגעשטעלט נביאים אין בבל[א],
16 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט

[א] פאַרבינדט זיך מיט פסוק 20.

כָּל־הָעָם אֲשֶׁר הֶגְלָה נְבוּכַדְנֶאצַּר מִירוּשָׁלַםִ בָּבֶלָה׃
ב אַחֲרֵי צֵאת יְכָנְיָה־הַמֶּלֶךְ וְהַגְּבִירָה וְהַסָּרִיסִים שָׂרֵי יְהוּדָה
ג וִירוּשָׁלַםִ וְהֶחָרָשׁ וְהַמַּסְגֵּר מִירוּשָׁלָםִ׃ בְּיַד אֶלְעָשָׂה בֶן־
שָׁפָן וּגְמַרְיָה בֶּן־חִלְקִיָּה אֲשֶׁר שָׁלַח צִדְקִיָּה מֶלֶךְ־יְהוּדָה
ד אֶל־נְבוּכַדְנֶאצַּר מֶלֶךְ בָּבֶל בָּבֶלָה לֵאמֹר׃ כֹּה אָמַר
יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל לְכָל־הַגּוֹלָה אֲשֶׁר־הִגְלֵיתִי
ה מִירוּשָׁלַםִ בָּבֶלָה׃ בְּנוּ בָתִּים וְשֵׁבוּ וְנִטְעוּ גַנּוֹת וְאִכְלוּ
ו אֶת־פִּרְיָן׃ קְחוּ נָשִׁים וְהוֹלִידוּ בָּנִים וּבָנוֹת וּקְחוּ לִבְנֵיכֶם
נָשִׁים וְאֶת־בְּנוֹתֵיכֶם תְּנוּ לַאֲנָשִׁים וְתֵלַדְנָה בָּנִים וּבָנוֹת
ז וּרְבוּ־שָׁם וְאַל־תִּמְעָטוּ׃ וְדִרְשׁוּ אֶת־שְׁלוֹם הָעִיר אֲשֶׁר
הִגְלֵיתִי אֶתְכֶם שָׁמָּה וְהִתְפַּלְלוּ בַעֲדָהּ אֶל־יְהוָה כִּי
ח בִשְׁלוֹמָהּ יִהְיֶה לָכֶם שָׁלוֹם׃ כִּי כֹה אָמַר יְהוָה
צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אַל־יַשִּׁיאוּ לָכֶם נְבִיאֵיכֶם אֲשֶׁר־
בְּקִרְבְּכֶם וְקֹסְמֵיכֶם וְאַל־תִּשְׁמְעוּ אֶל־חֲלֹמֹתֵיכֶם אֲשֶׁר
ט אַתֶּם מַחְלְמִים׃ כִּי בְשֶׁקֶר הֵם נִבְּאִים לָכֶם בִּשְׁמִי לֹא
י שְׁלַחְתִּים נְאֻם־יְהוָה׃ כִּי־כֹה אָמַר יְהוָה כִּי לְפִי
מְלֹאת לְבָבֶל שִׁבְעִים שָׁנָה אֶפְקֹד אֶתְכֶם וַהֲקִמֹתִי עֲלֵיכֶם
יא אֶת־דְּבָרִי הַטּוֹב לְהָשִׁיב אֶתְכֶם אֶל־הַמָּקוֹם הַזֶּה׃ כִּי
אָנֹכִי יָדַעְתִּי אֶת־הַמַּחֲשָׁבֹת אֲשֶׁר אָנֹכִי חֹשֵׁב עֲלֵיכֶם נְאֻם־
יְהוָה מַחְשְׁבוֹת שָׁלוֹם וְלֹא לְרָעָה לָתֵת לָכֶם אַחֲרִית
יב וְתִקְוָה׃ וּקְרָאתֶם אֹתִי וַהֲלַכְתֶּם וְהִתְפַּלַּלְתֶּם אֵלָי וְשָׁמַעְתִּי
יג אֲלֵיכֶם׃ וּבִקַּשְׁתֶּם אֹתִי וּמְצָאתֶם כִּי תִדְרְשֻׁנִי בְּכָל־
יד לְבַבְכֶם׃ וְנִמְצֵאתִי לָכֶם נְאֻם־יְהוָה וְשַׁבְתִּי אֶת־שְׁבִיתְכֶם
וְקִבַּצְתִּי אֶתְכֶם מִכָּל־הַגּוֹיִם וּמִכָּל־הַמְּקוֹמוֹת אֲשֶׁר הִדַּחְתִּי
אֶתְכֶם שָׁם נְאֻם־יְהוָה וַהֲשִׁבֹתִי אֶתְכֶם אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־
טו הִגְלֵיתִי אֶתְכֶם מִשָּׁם׃ כִּי אֲמַרְתֶּם הֵקִים לָנוּ יְהוָה
טז נְבִאִים בָּבֶלָה׃ כִּי־כֹה ׀ אָמַר יְהוָה אֶל־הַמֶּלֶךְ

יד׳ שבותכם קרי

הַיּוֹשֵׁב אֶל־כִּסֵּא דָוִד וְאֶל־כָּל־הָעָם הַיּוֹשֵׁב בָּעִיר הַזֹּאת
אֲחֵיכֶם אֲשֶׁר לֹא־יָצְאוּ אִתְּכֶם בַּגּוֹלָה׃ כֹּה אָמַר יז
יְהוָה צְבָאוֹת הִנְנִי מְשַׁלֵּחַ בָּם אֶת־הַחֶרֶב אֶת־הָרָעָב
וְאֶת־הַדָּבֶר וְנָתַתִּי אוֹתָם כַּתְּאֵנִים הַשֹּׁעָרִים אֲשֶׁר לֹא־
תֵאָכַלְנָה מֵרֹעַ׃ וְרָדַפְתִּי אַחֲרֵיהֶם בַּחֶרֶב בָּרָעָב וּבַדָּבֶר יח
וּנְתַתִּים לְזַוָעָה לְכֹל ׀ מַמְלְכוֹת הָאָרֶץ לְאָלָה וּלְשַׁמָּה
וְלִשְׁרֵקָה וּלְחֶרְפָּה בְּכָל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר־הִדַּחְתִּים שָׁם׃ תַּחַת יט
אֲשֶׁר־לֹא־שָׁמְעוּ אֶל־דְּבָרַי נְאֻם־יְהוָה אֲשֶׁר שָׁלַחְתִּי
אֲלֵיהֶם אֶת־עֲבָדַי הַנְּבִאִים הַשְׁכֵּם וְשָׁלֹחַ וְלֹא שְׁמַעְתֶּם
נְאֻם־יְהוָה׃ וְאַתֶּם שִׁמְעוּ דְבַר־יְהוָה כָּל־הַגּוֹלָה אֲשֶׁר־ כ
שִׁלַּחְתִּי מִירוּשָׁלִַם בָּבֶלָה׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת כא
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־אַחְאָב בֶּן־קוֹלָיָה וְאֶל־צִדְקִיָּהוּ בֶן־
מַעֲשֵׂיָה הַנִּבְּאִים לָכֶם בִּשְׁמִי שָׁקֶר הִנְנִי ׀ נֹתֵן אֹתָם בְּיַד
נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל וְהִכָּם לְעֵינֵיכֶם׃ וְלֻקַּח מֵהֶם כב
קְלָלָה לְכֹל גָּלוּת יְהוּדָה אֲשֶׁר בְּבָבֶל לֵאמֹר יְשִׂמְךָ יְהוָה
כְּצִדְקִיָּהוּ וּכְאֶחָב אֲשֶׁר־קָלָם מֶלֶךְ־בָּבֶל בָּאֵשׁ׃ יַעַן אֲשֶׁר כג
עָשׂוּ נְבָלָה בְּיִשְׂרָאֵל וַיְנַאֲפוּ אֶת־נְשֵׁי רֵעֵיהֶם וַיְדַבְּרוּ דָבָר
בִּשְׁמִי שֶׁקֶר אֲשֶׁר לוֹא צִוִּיתִם וְאָנֹכִי הַיּוֹדֵעַ וָעֵד נְאֻם־
יְהוָה׃ וְאֶל־שְׁמַעְיָהוּ הַנֶּחֱלָמִי תֹּאמַר לֵאמֹר׃ כֹּה־ כד כה
אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר יַעַן אֲשֶׁר אַתָּה
שָׁלַחְתָּ בְשִׁמְכָה סְפָרִים אֶל־כָּל־הָעָם אֲשֶׁר בִּירוּשָׁלִַם
וְאֶל־צְפַנְיָה בֶן־מַעֲשֵׂיָה הַכֹּהֵן וְאֶל כָּל־הַכֹּהֲנִים לֵאמֹר׃
יְהוָה נְתָנְךָ כֹהֵן תַּחַת יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן לִהְיוֹת פְּקִדִים בֵּית כו
יְהוָה לְכָל־אִישׁ מְשֻׁגָּע וּמִתְנַבֵּא וְנָתַתָּה אֹתוֹ אֶל־הַמַּהְפֶּכֶת
וְאֶל־הַצִּינֹק׃ וְעַתָּה לָמָּה לֹא גָעַרְתָּ בְּיִרְמְיָהוּ הָעֲנְּתֹתִי כז
הַמִּתְנַבֵּא לָכֶם׃ כִּי עַל־כֵּן שָׁלַח אֵלֵינוּ בָּבֶל לֵאמֹר אֲרֻכָּה כח
הִיא בְּנוּ בָתִּים וְשֵׁבוּ וְנִטְעוּ גַנּוֹת וְאִכְלוּ אֶת־פְּרִיהֶן׃

טז׳ כסא פל׳ יח׳ לזעוה קרי כג׳ היודע קרי כה׳ יתיר ה

אויף דעם מלך וואָס זיצט אויפֿן טראָן פֿון דוד,
און אויף דעם גאַנצן פֿאָלק וואָס זיצט אין דערדאָזיקער שטאָט—
אַייערע ברידער וואָס זיינען ניט אַרויס מיט אַייך אין גלות:
17 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבָאוֹת:
זע, איך שיק אָן אויף זיי די שווערד,
דעם הונגער, און די פּעסט,
און איך וועל זיי מאַכן אַזוי ווי עקלדיקע פֿייגן
וואָס קענען ניט געגעסן ווערן פֿאַר שלעכטקייט.
18 און איך וועל זיי נאָכיאָגן מיט דער שווערד,
מיטן הונגער, און מיט דער פּעסט,
און איך וועל זיי מאַכן פֿאַר אַ שוידער
ביי אַלע קיניגרייכן פֿון דער ערד,
פֿאַר אַ קללה, און פֿאַר אַ שרעק,
און פֿאַר אַ שמוצערונג, און פֿאַר אַ שאַנד,
צווישן אַלע פֿעלקער, וואָס איך האָב זיי פֿאַרשטויסן אַהין;
19 פֿאַרוואָס זיי האָבן ניט צוגעהערט
צו מיינע ווערטער, זאָגט גאָט,
ווען איך האָב געשיקט צו זיי מיינע קנעכט די נביאים,
נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד געשיקט;
און איר האָט ניט צוגעהערט, זאָגט גאָט.

20 דרום הערט דאָס וואָרט פֿון גאָט, איר אַלע פֿאַר־טריבענע,
וואָס איך האָב אַרויסגעשיקט פֿון ירושָלַיִם קיין בָבֶל:
21 אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת, דער גאָט פֿון ישׂראל,
אויף אַחְאָב דעם זון פֿון קוֹלָיָהן,
און אויף צִדְקִיָהו דעם זון פֿון מַעֲשֵׂיָהן,
וואָס זאָגן אַייך נביאות אין מיין נאָמען ליגן:
זע, איך גיב זיי אין דער האַנט
פֿון נבוּכַדְרֶאצַר דעם מלך פֿון בָבֶל,
און ער וועט זיי דערשלאָגן פֿאַר אַייערע אויגן.

22 און פֿון זיי וועט גענומען ווערן אַ קללה
ביי אַלע פֿאַרטריבענע פֿון יהודה וואָס אין בָבֶל,
אַזוי צו זאָגן: זאָל דיך גאָט מאַכן
אַזוי ווי צִדְקִיָהו און אַזוי ווי אֶחָב,
וואָס דער מלך פֿון בָבֶל האָט זיי פֿאַרברענט אין פֿייער!
23 ווייל זיי האָבן געטאָן נבָלות אין ישׂראל,
און מזנה געווען מיט די ווייבער פֿון זייערע חברים,
און פֿאַלש גערעדט אין מיין נאָמען ווערטער
וואָס איך האָב זיי ניט באַפֿוילן;
אָבער איך ווייס, און בין עדות, זאָגט גאָט.

24 און אויף שְמַעְיָהון פֿון נֶחְלָם זאָלסטו זאָגן, אַזוי צו זאָגן: 25 אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת, דער גאָט פֿון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: ווייל דו האָסט געשיקט אין דיין נאָמען בריוו צום גאַנצן פֿאָלק וואָס אין ירושָלַיִם, און צו צפַניָה דעם זון פֿון מַעֲשֵׂיָהן, דעם כֹּהן, און צו אַלע כֹּהנים, אַזוי צו זאָגן: 26 גאָט האָט דיך געמאַכט פֿאַר אַ כֹּהן אויפֿן אָרט פֿון יהוֹיָדָע דעם כֹּהן, כּדי עס זאָלן זיין אויפֿזעער אין הויז פֿון גאָט איבער איטלעכן משוגענעם און נביאות־זאָגער, און דו זאָלסט אים אַריינטאָן אין דעם צוואַנגקלאָץ און אין דעם האַלדזרינג. 27 און אַצונד, אַלמאַי האָסטו ניט אָנגעשריען אויף ירמיָהון פֿון ענָתוֹת, וואָס מאַכט זיך פֿאַר אַ נביא צו אַייך? 28 וואָרום ער האָט דאָך געשיקט צו אונדז קיין בָבֶל: אַזוי צו זאָגן: דאָס איז אויף לאַנג; בויט הייזער און באַוווינט, און פֿלאַנצט גערטנער און עסט זייער פּרוכט.

29 און צפניה דער כּהן האָט געלייענט דעמדאָזיקן בריוו אין די אויערן פון ירמיהו הנביא. 30 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו ירמיהון, אַזוי צו זאָגן: 31 שיק צו אַלע פאַרטריבענע, אַזוי צו זאָגן:

אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויף שמעיהן פון נחלם:
ווייל שמעיה האָט אייך נביאות געזאָגט,
ווען איך האָב אים ניט געשיקט,
און ער האָט אייך פאַרזיכערט אויף ליגן,
32 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט:
זע, איך רעכן זיך מיט שמעיהן פון נחלם,
און מיט זיין זאָמען;
פון אים וועט ניט בלייבן אַ מאַן
צו זיצן צווישן דעמדאָזיקן פאָלק,
און ער וועט ניט זען דאָס גוטס
וואָס איך טו מיין פאָלק, זאָגט גאָט,
ווייל אָפּקערונג האָט ער גערעדט קעגן גאָט.

ל

1 דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו ירמיהון פון גאָט, אַזוי צו זאָגן: 2 אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: שרייב דיר אויף אַלע ווערטער וואָס איך האָב גערעדט צו דיר, אויף אַ בוך. 3 וואָרום זע, טעג קומען, זאָגט גאָט, און איך וועל אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון מיין פאָלק ישׂראל און יהודה, זאָגט גאָט, און וועל זיי ווידערקערן צו דעם לאַנד, וואָס איך האָב געגעבן זייערע עלטערן, און זיי וועלן עס אַרבן.

4 און דאָס זיינען די ווערטער וואָס גאָט האָט גערעדט אויף ישׂראל און אויף יהודה:

5 פאַרוואָר, אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אַ קָול פון ציטערניש האָבן מיר געהערט;
אַנגסט און ניט פריד.
6 פרעגט אָקאָרשט און זעט
אויב אַ מאַנספאַרשוין קען געווינען;
פאַרוואָס זע איך יעטוועדער מאַן
מיט זיינע הענט אויף זיינע לענדן,
אַזוי ווי אַ געווינערין,
און איטלעך פנים איז פאַרקערט אין גרינקייט?
7 וויי, וואָרום גרויס איז יענער טאָג,
אָן אַ גלייכן צו אים;
און אַ צייט פון נויט איז דאָס פאַר יעקב,
אָבער פון איר וועט ער געהאָלפן ווערן.
8 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
זאָגט גאָט פון צבאות,
וועל איך צעברעכן זיין יאָך פון דיין האַלדז,
און דיינע בינדשטריק וועל איך צערייסן;
און מער וועלן ניט אַרבעטן מיט אים פרעמדע.
9 נייערט זיי וועלן דינען יהוה זייער גאָט,
און דוד זייער מלך,
וואָס איך וועל זיי אויפשטעלן.

כט וַיִּקְרָא צְפַנְיָה הַכֹּהֵן אֶת־הַסֵּפֶר הַזֶּה בְּאָזְנֵי יִרְמְיָהוּ
ל הַנָּבִיא׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה אֶל־יִרְמְיָהוּ לֵאמֹר׃
לא שְׁלַח עַל־כָּל־הַגּוֹלָה לֵאמֹר כֹּה אָמַר יְהוָה אֶל־שְׁמַעְיָה
הַנֶּחֱלָמִי יַעַן אֲשֶׁר נִבָּא לָכֶם שְׁמַעְיָה וַאֲנִי לֹא שְׁלַחְתִּיו
לב וַיַּבְטַח אֶתְכֶם עַל־שָׁקֶר׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה הִנְנִי פֹקֵד
עַל־שְׁמַעְיָה הַנֶּחֱלָמִי וְעַל־זַרְעוֹ לֹא־יִהְיֶה לוֹ אִישׁ ׀ יוֹשֵׁב ׀
בְּתוֹךְ־הָעָם הַזֶּה וְלֹא־יִרְאֶה בַטּוֹב אֲשֶׁר־אֲנִי עֹשֶׂה־לְעַמִּי
נְאֻם־יְהוָה כִּי־סָרָה דִבֶּר עַל־יְהוָה׃

ל

א ב הַדָּבָר אֲשֶׁר הָיָה אֶל־יִרְמְיָהוּ מֵאֵת יְהוָה לֵאמֹר׃ כֹּה־
אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר כְּתָב־לְךָ אֵת כָּל־הַדְּבָרִים
ג אֲשֶׁר־דִּבַּרְתִּי אֵלֶיךָ אֶל־סֵפֶר׃ כִּי הִנֵּה יָמִים בָּאִים נְאֻם־
יְהוָה וְשַׁבְתִּי אֶת־שְׁבוּת עַמִּי יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה אָמַר יְהוָה
וַהֲשִׁבֹתִים אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־נָתַתִּי לַאֲבוֹתָם וִירֵשׁוּהָ׃
ד וְאֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֶל־יִשְׂרָאֵל וְאֶל־יְהוּדָה׃
ה כִּי־כֹה אָמַר יְהוָה קוֹל חֲרָדָה שָׁמָעְנוּ פַּחַד וְאֵין שָׁלוֹם׃
ו שַׁאֲלוּ־נָא וּרְאוּ אִם־יֹלֵד זָכָר מַדּוּעַ רָאִיתִי כָל־גֶּבֶר יָדָיו
ז עַל־חֲלָצָיו כַּיּוֹלֵדָה וְנֶהֶפְכוּ כָל־פָּנִים לְיֵרָקוֹן׃ הוֹי כִּי
גָדוֹל הַיּוֹם הַהוּא מֵאַיִן כָּמֹהוּ וְעֵת־צָרָה הִיא לְיַעֲקֹב וּמִמֶּנָּה
ח יִוָּשֵׁעַ׃ וְהָיָה בַיּוֹם הַהוּא נְאֻם ׀ יְהוָה צְבָאוֹת אֶשְׁבֹּר
עֻלּוֹ מֵעַל צַוָּארֶךָ וּמוֹסְרוֹתֶיךָ אֲנַתֵּק וְלֹא־יַעַבְדוּ־בוֹ עוֹד
ט זָרִים׃ וְעָבְדוּ אֵת יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם וְאֵת דָּוִד מַלְכָּם אֲשֶׁר
י אָקִים לָהֶם׃ וְאַתָּה אַל־תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב נְאֻם־יְהוָה
וְאַל־תֵּחַת יִשְׂרָאֵל כִּי הִנְנִי מוֹשִׁיעֲךָ מֵרָחוֹק וְאֶת־זַרְעֲךָ
מֵאֶרֶץ שִׁבְיָם וְשָׁב יַעֲקֹב וְשָׁקַט וְשַׁאֲנַן וְאֵין מַחֲרִיד׃
יא כִּי־אִתְּךָ אֲנִי נְאֻם־יְהוָה לְהוֹשִׁיעֶךָ כִּי אֶעֱשֶׂה כָלָה בְּכָל־
הַגּוֹיִם ׀ אֲשֶׁר הֲפִצוֹתִיךָ שָּׁם אַךְ אֹתְךָ לֹא־אֶעֱשֶׂה כָלָה
יב וְיִסַּרְתִּיךָ לַמִּשְׁפָּט וְנַקֵּה לֹא אֲנַקֶּךָּ׃ כִּי כֹה אָמַר

10 און דו זאָלסט ניט מורא האָבן,
מיין קנעכט, יעקב, זאָגט גאָט,
און ניט אַנגסטן, ישׂראל,
וואָרום זע, איך העלף דיך פון דער ווייט,
און דיין זאָמען פון לאַנד פון זייער געפאַנגענשאַפט;
און יעקב וועט ווידער זיין רואיק און זיכער,
און קיינער וועט ניט שרעקן.
11 וואָרום איך בין מיט דיר, זאָגט גאָט, דיך צו העלפן;
וואָרום איך וועל מאַכן אַ פאַרלענדונג
פון אַלע פעלקער וואָס איך האָב דיך אַהין צעשפּרייט,
אָבער פון דיר וועל איך קיין פאַרלענדונג ניט מאַכן,
און איך וועל דיך שטראָפן לויט גערעכטיקייט,
אָבער פאַרטיליקן וועל איך דיך ניט פאַרטיליקן.

12 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:

יְהוָה אָנוּשׁ לְשִׁבְרֵךְ נַחְלָה מַכָּתֵךְ׃ אֵין־דָּן דִּינֵךְ לְמָזוֹר יג
רְפֻאוֹת תְּעָלָה אֵין לָךְ׃ כָּל־מְאַהֲבַיִךְ שְׁכֵחוּךְ אוֹתָךְ לֹא יד
יִדְרֹשׁוּ כִּי מַכַּת אוֹיֵב הִכִּיתִיךְ מוּסַר אַכְזָרִי עַל רֹב עֲוֺנֵךְ
עָצְמוּ חַטֹּאתָיִךְ׃ מַה־תִּזְעַק עַל־שִׁבְרֵךְ אָנוּשׁ מַכְאֹבֵךְ טו
עַל ׀ רֹב עֲוֺנֵךְ עָצְמוּ חַטֹּאתַיִךְ עָשִׂיתִי אֵלֶּה לָךְ׃ לָכֵן טז
כָּל־אֹכְלַיִךְ יֵאָכֵלוּ וְכָל־צָרַיִךְ כֻּלָּם בַּשְּׁבִי יֵלֵכוּ וְהָיוּ שֹׁאסַיִךְ
לִמְשִׁסָּה וְכָל־בֹּזְזַיִךְ אֶתֵּן לָבַז׃ כִּי אַעֲלֶה אֲרֻכָה לָךְ יז
וּמִמַּכּוֹתַיִךְ אֶרְפָּאֵךְ נְאֻם־יְהוָה כִּי נִדָּחָה קָרְאוּ לָךְ צִיּוֹן
הִיא דֹּרֵשׁ אֵין לָהּ׃ כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה הִנְנִי־שָׁב יח
שְׁבוּת אָהֳלֵי יַעֲקוֹב וּמִשְׁכְּנֹתָיו אֲרַחֵם וְנִבְנְתָה עִיר עַל־
תִּלָּהּ וְאַרְמוֹן עַל־מִשְׁפָּטוֹ יֵשֵׁב׃ וְיָצָא מֵהֶם תּוֹדָה וְקוֹל יט
מְשַׂחֲקִים וְהִרְבִּתִים וְלֹא יִמְעָטוּ וְהִכְבַּדְתִּים וְלֹא יִצְעָרוּ׃
וְהָיוּ בָנָיו כְּקֶדֶם וַעֲדָתוֹ לְפָנַי תִּכּוֹן וּפָקַדְתִּי עַל כָּל־ כ
לֹחֲצָיו׃ וְהָיָה אַדִּירוֹ מִמֶּנּוּ וּמֹשְׁלוֹ מִקִּרְבּוֹ יֵצֵא וְהִקְרַבְתִּיו כא
וְנִגַּשׁ אֵלָי כִּי מִי הוּא־זֶה עָרַב אֶת־לִבּוֹ לָגֶשֶׁת אֵלַי נְאֻם־
יְהוָה׃ וִהְיִיתֶם לִי לְעָם וְאָנֹכִי אֶהְיֶה לָכֶם לֵאלֹהִים׃ כב
הִנֵּה ׀ סַעֲרַת יְהוָה חֵמָה יָצְאָה סַעַר מִתְגּוֹרֵר עַל רֹאשׁ כג
רְשָׁעִים יָחוּל׃ לֹא יָשׁוּב חֲרוֹן אַף־יְהוָה עַד־עֲשֹׂתוֹ וְעַד־ כד
הֲקִימוֹ מְזִמּוֹת לִבּוֹ בְּאַחֲרִית הַיָּמִים תִּתְבּוֹנְנוּ בָהּ׃ בָּעֵת כה
הַהִיא נְאֻם־יְהוָה אֶהְיֶה לֵאלֹהִים לְכֹל מִשְׁפְּחוֹת יִשְׂרָאֵל
וְהֵמָּה יִהְיוּ־לִי לְעָם׃

## לא

כֹּה אָמַר יְהוָה מָצָא חֵן בַּמִּדְבָּר עַם שְׂרִידֵי חָרֶב הָלוֹךְ א
לְהַרְגִּיעוֹ יִשְׂרָאֵל׃ מֵרָחוֹק יְהוָה נִרְאָה לִי וְאַהֲבַת עוֹלָם ב
אֲהַבְתִּיךְ עַל־כֵּן מְשַׁכְתִּיךְ חָסֶד׃ עוֹד אֶבְנֵךְ וְנִבְנֵית ג
בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל עוֹד תַּעְדִּי תֻפַּיִךְ וְיָצָאת בִּמְחוֹל מְשַׂחֲקִים׃
עוֹד תִּטְּעִי כְרָמִים בְּהָרֵי שֹׁמְרוֹן נָטְעוּ נֹטְעִים וְחִלֵּלוּ׃ ד

ל, טז׳ יחיד א יח׳ מלא ו כה׳ בביא כאן תחלה סימן לא ל א, ח׳ הפטרה ליום שני של ר״ה

מסוכּן איז דיין בּראָך,
שווער איז דיין ווונד.
13 קיינער האַלט ניט פון דיין גענעזן ווערן,
ניטאָ קיין היילמיטל פאַר דיר.
14 אַלע דיינע ליבּהאָבּער האָבּן פאַרגעסן אָן דיר,
זיי פרעגן ניט אויף דיר;
וואָרום אַ שלאַק פון אַ פיינט האָבּ איך דיך געשלאָגן,
אַ שטראָף אומדערבּאַרימדיק,
פאַר דיין גרויס פאַרבּרעך,
ווייל דיינע זינד זיינען פיל.
15 וואָס שרייסטו אויף דיין בּראָך,
וואָס מסוכּן איז דיין ווייטאָק?
פאַר דיין גרויס פאַרבּרעך,
ווייל דיינע זינד זיינען פיל,
האָבּ איך דאָס געטאָן צו דיר.
16 אָבּער אַלע דיינע פאַרצערער וועלן פאַרצערט ווערן,
און אַלע דיינע פיינט וועלן אַלע אין געפאַנגענשאַפט גיין,
און דיינע רויבּער וועלן צו רויבּ ווערן,
און אַלע דיינע אויסרויבּער וועל איך געבּן צו אויסרויבונג.
17 וואָרום איך וועל בּרענגען אַ רפואה צו דיר,
און פון דיינע ווונדן וועל איך דיך היילן, זאָגט גאָט;
ווייל מען האָט דיך גערופן פאַרשטויסענע:
„ציון איז זיא, קיינער פרעגט ניט אויף איר".

18 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, איך קער אום די געפאַנגענשאַפט פון די געצעלטן
פון יעקב,
און זיינע וווינונגען וועל איך דערבּאַרימען;
און די שטאָט וועט אָפּגעבּויט ווערן אויף איר הויפן,
און דער פּאַלאַץ וועט בּאַוווינט זיין אויף זיין שטייגער.
19 און אַרויסגיין וועט פון זיי אַ לויבּונג,
און אַ קָול פון לוסטיקע;
און איך וועל זיי מערן,
און זיי וועלן ניט געמינערט ווערן,
און איך וועל זיי פאַרגרעסערן,
און זיי וועלן ניט געווינציקט ווערן.
20 און זיינע קינדער וועלן זיין ווי פריער,
און זיין עדה וועט שטיין פעסט פאַר מיר;
און איך וועל זיך רעכענען מיט אַלע זיינע דריקער.
21 און זיין פירשט וועט זיין פון אים אַליין,
און זיין געוועלטיקער וועט פון זיין מיט אַרויס;
און איך וועל אים דערנענטערן,
און ער וועט גענענען צו מיר;
וואָרום ווער איז דער וואָס קען אַיינשטעלן זיין האַרץ
צו גענענען צו מיר? זאָגט יהוה.
22 און איר וועט מיר זיין צום פאָלק,
און איך וועל אַייך זיין צום גאָט.

23 זע, אַ שטורעם פון גאָט,
אַ גרימצאָרן איז אַרויס,
אַ רייסיקער שטורעמווינט;
אויף דעם קאָפּ פון די רשעים וועט ער פאַלן.
24 ניט אָפּגיין וועט דער צאָרן פון גאָט,
בּיז ער טוט, און בּיז ער איז מקיים,
די טראַכטונגען פון זיין האַרצן;
אין סוף פון די טעג וועט איר דאָס פאַרשטיין.
25 אין יענער צייט, זאָגט יהוה,
וועל איך זיין צום גאָט בּיי אַלע משפחות פון ישׂראל,
און זיי וועלן מיר זיין צום פאָלק.

## לא

1 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
געפונען האָט לייטזעליקייט אין מדבּר
דאָס פאָלק פון שווערד געבּליבּן;
גיי אים בּאַרועֶן, ישׂראלן.
2 פון ווייטן האָט גאָט זיך בּאַוויזן צו מיר:
יאָ, אייבּיקע ליבּשאַפט האָבּ איך דיך ליבּ,
דרום צי איך דיך צו מיט גענאָד.
3 איך וועל דיך נאָך אויפבּויען,
און וועסט אויפגעבּויט ווערן, יונגפרוי ישׂראל;
וועסט נאָך אָנטאָן דיינע פּייקלעך,
און אַרויסגיין אין לוסטיקן טאַנץ.
4 וועסט נאָך פלאַנצן ווייגערטנער אויף די בּערג פון שומרון;
פלאַנצן וועלן פלאַנצער און פאַרניצן אַליין.

א אָנשפּיל אויף צִיָה אָדער צָיון, טרוקן לאַנד.

ה כִּי יֶשׁ־יוֹם קָרְאוּ נֹצְרִים בְּהַר אֶפְרָיִם קוּמוּ וְנַעֲלֶה צִיּוֹן
ו אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ׃ כִּי־כֹה ׀ אָמַר יְהוָה רָנּוּ לְיַעֲקֹב
שִׂמְחָה וְצַהֲלוּ בְּרֹאשׁ הַגּוֹיִם הַשְׁמִיעוּ הַלְלוּ וְאִמְרוּ הוֹשַׁע
ז יְהוָה אֶת־עַמְּךָ אֵת שְׁאֵרִית יִשְׂרָאֵל׃ הִנְנִי מֵבִיא אוֹתָם
מֵאֶרֶץ צָפוֹן וְקִבַּצְתִּים מִיַּרְכְּתֵי־אָרֶץ בָּם עִוֵּר וּפִסֵּחַ הָרָה
ח וְיֹלֶדֶת יַחְדָּו קָהָל גָּדוֹל יָשׁוּבוּ הֵנָּה׃ בִּבְכִי יָבֹאוּ וּבְתַחֲנוּנִים
אוֹבִילֵם אוֹלִיכֵם אֶל־נַחֲלֵי מַיִם בְּדֶרֶךְ יָשָׁר לֹא יִכָּשְׁלוּ
ט בָּהּ כִּי־הָיִיתִי לְיִשְׂרָאֵל לְאָב וְאֶפְרַיִם בְּכֹרִי הוּא׃ שִׁמְעוּ
דְבַר־יְהוָה גּוֹיִם וְהַגִּידוּ בָאִיִּים מִמֶּרְחָק וְאִמְרוּ מְזָרֵה
י יִשְׂרָאֵל יְקַבְּצֶנּוּ וּשְׁמָרוֹ כְּרֹעֶה עֶדְרוֹ׃ כִּי־פָדָה יְהוָה אֶת־
יא יַעֲקֹב וּגְאָלוֹ מִיַּד חָזָק מִמֶּנּוּ׃ וּבָאוּ וְרִנְּנוּ בִמְרוֹם־צִיּוֹן
וְנָהֲרוּ אֶל־טוּב יְהוָה עַל־דָּגָן וְעַל־תִּירֹשׁ וְעַל־יִצְהָר וְעַל־
בְּנֵי־צֹאן וּבָקָר וְהָיְתָה נַפְשָׁם כְּגַן רָוֶה וְלֹא־יוֹסִיפוּ לְדַאֲבָה
יב עוֹד׃ אָז תִּשְׂמַח בְּתוּלָה בְּמָחוֹל וּבַחֻרִים וּזְקֵנִים יַחְדָּו
וְהָפַכְתִּי אֶבְלָם לְשָׂשׂוֹן וְנִחַמְתִּים וְשִׂמַּחְתִּים מִיגוֹנָם׃
יג וְרִוֵּיתִי נֶפֶשׁ הַכֹּהֲנִים דָּשֶׁן וְעַמִּי אֶת־טוּבִי יִשְׂבָּעוּ נְאֻם־
יד יְהוָה׃ כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה קוֹל בְּרָמָה נִשְׁמָע נְהִי בְּכִי
תַמְרוּרִים רָחֵל מְבַכָּה עַל־בָּנֶיהָ מֵאֲנָה לְהִנָּחֵם עַל־בָּנֶיהָ
טו כִּי אֵינֶנּוּ׃ כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה מִנְעִי קוֹלֵךְ מִבֶּכִי וְעֵינַיִךְ
מִדִּמְעָה כִּי יֵשׁ שָׂכָר לִפְעֻלָּתֵךְ נְאֻם־יְהוָה וְשָׁבוּ מֵאֶרֶץ
טז אוֹיֵב׃ וְיֵשׁ־תִּקְוָה לְאַחֲרִיתֵךְ נְאֻם־יְהוָה וְשָׁבוּ בָנִים
יז לִגְבוּלָם׃ שָׁמוֹעַ שָׁמַעְתִּי אֶפְרַיִם מִתְנוֹדֵד יִסַּרְתַּנִי וָאִוָּסֵר
כְּעֵגֶל לֹא לֻמָּד הֲשִׁבֵנִי וְאָשׁוּבָה כִּי אַתָּה יְהוָה אֱלֹהָי׃
יח כִּי־אַחֲרֵי שׁוּבִי נִחַמְתִּי וְאַחֲרֵי הִוָּדְעִי סָפַקְתִּי עַל־יָרֵךְ
יט בֹּשְׁתִּי וְגַם־נִכְלַמְתִּי כִּי נָשָׂאתִי חֶרְפַּת נְעוּרָי׃ הֲבֵן יַקִּיר
לִי אֶפְרַיִם אִם יֶלֶד שַׁעֲשֻׁעִים כִּי־מִדֵּי דַבְּרִי בּוֹ זָכֹר
אֶזְכְּרֶנּוּ עוֹד עַל־כֵּן הָמוּ מֵעַי לוֹ רַחֵם אֲרַחֲמֶנּוּ נְאֻם־

ו׳ קמץ בסגולתא · יא׳ מלעיל · יג׳ קמץ בטרחא

5 וואָרום זיין וועט אַ טאָג,
ווען די וועכטער רופן אויפן געבערג פון אפרים:
שטייט אויף, און לאָמיר אַרויפגיין קיין ציון,
צו יהוה אונדזער גאָט.

6 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זינגט מיט פרייד וועגן יעקב,
און שאַלט וועגן דעם קאָפּ פון די פעלקער;
מאַכט הערן, לויבט, און זאָגט:
העלף, גאָט, דיין פאָלק,
דעם איבערבלייב פון ישראל.

7 זע, איך ברענג זיי פון צפון־לאַנד,
און וועל זיי איינזאַמלען פון די עקן ערד;
צווישן זיי דעם בלינדן און דעם הינקעדיקן,
די טראָגעדיקע און די געווינערין אין איינעם;
אַ גרויס געזעמל וועלן זיי זיך אומקערן אַהער.
8 מיט געוויין וועלן זיי קומען,
און מיט לייטזעליקייט וועל איך זיי ברענגען;
איך וועל זיי פירן ביי טייכן וואַסער,
אויף אַ וועג אַ גלייכן
וואָס זיי וועלן דרין ניט געשטרויכלט ווערן;
וואָרום איך בין אַ פאָטער צו ישראל,
און אפרים, ער איז מיין בכור.

9 הערט דאָס וואָרט פון גאָט, איר פעלקער,
און דערציילט אין די אינדזלען פון דער ווייט, און זאָגט:
דער וואָס האָט צעשפּרייט ישראל, טוט אים איינזאַמלען,
און היט אים ווי אַ פּאַסטוך זיין סטאַדע.
10 וואָרום גאָט האָט אויסגעקויפט יעקב,
און אים אויסגעלייזט פון דער האַנט פון
דעם שטאַרקערן פון אים.
11 און זיי וועלן קומען און זינגען אויף דער הייך פון ציון,
און זיי וועלן שטראָמען צו גאָטס גוטס,
צו תבואה, און צו וויין, און צו אייל,
און צו יונגע שאָף און רינדער;
און זייער זעל וועט זיין ווי אַ באַוואַסערטער גאָרטן,
און זיי וועלן מער ווידער ניט שמאַכטן.
12 דענסמאָל וועט די יונגפרוי זיך פרייען אין טאַנץ,
און בחורים און זקנים אין איינעם;
און איך וועל פאַרקערן זייער טרויער אין פרייד,
און וועל זיי טרייסטן און זיי דערפרייען אין זייער קומער.
13 און איך וועל זעטן די זעל פון די כהנים מיט פעטקייט,
און מיין פאָלק וועט זיין זאַט מיט מיין גוטס,
זאָגט גאָט.

14 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אַ קול ווערט אין רמה געהערט,
אַ יאָמער, אַ ביטער געוויין;
רחל וויינט אויף אירע קינדער,
זי וויל זיך ניט טרייסטן נאָך אירע קינדער,
וואָס זיי זיינען מער ניטאָ.

15 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פאַרמייד דיין קול פון געוויין,
און דיינע אויגן פון טרערן,
וואָרום פאַראַן אַ לוין פאַר דיין מי, זאָגט גאָט,
און זיי וועלן זיך אומקערן פון לאַנד פון דעם פיינט.
16 און פאַראַן אַ האָפענונג פאַר דיין לעצט, זאָגט גאָט,
און די קינדער וועלן זיך אומקערן צו זייער געמאַרק.
17 הערן האָב איך געהערט אפרים זיך קלאָגן:
האָסט מיך געשטראָפט, און איך בין געשטראָפט געוואָרן,
ווי אַ קאַלב ניט געלערנט;
לאָז מיך אומקערן, און איך וועל זיך אומקערן,
וואָרום דו ביסט יהוה מיין גאָט.
18 וואָרום נאָך מיין אָפּקערונג
האָב איך חרטה געהאַט,
און נאָך מיין געוואָר ווערן,
האָב איך זיך געשלאָגן אויפן דיך;
איך שעם זיך און בין אין בּיוש,
ווייל איך טראָג די שאַנד פון מיין יוגנט.
19 איז מיר אַ טייער זון אפרים,
צי אַ קינד אַ געצערטלטס?
וואָרום ווי נאָר איך רעד פון אים,
בענקען בענק איך ווידער נאָך אים:
דרום ברומען מיינע אינגעווייד צו אים;
דערבאַרימען וועל איך אים דערבאַרימען, זאָגט גאָט.

כ יְהוָה׃ הַצִּיבִי לָךְ צִיֻּנִים שִׂמִי לָךְ תַּמְרוּרִים שִׁתִי
לִבֵּךְ לַמְסִלָּה דֶּרֶךְ הָלָכְתִּי שׁוּבִי בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל שֻׁבִי
כא אֶל־עָרַיִךְ אֵלֶּה׃ עַד־מָתַי תִּתְחַמָּקִין הַבַּת הַשּׁוֹבֵבָה כִּי־
בָרָא יְהוָה חֲדָשָׁה בָּאָרֶץ נְקֵבָה תְּסוֹבֵב גָּבֶר׃
כב כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל עוֹד יֹאמְרוּ אֶת־
הַדָּבָר הַזֶּה בְּאֶרֶץ יְהוּדָה וּבְעָרָיו בְּשׁוּבִי אֶת־שְׁבוּתָם
כג יְבָרֶכְךָ יְהוָה נְוֵה־צֶדֶק הַר הַקֹּדֶשׁ׃ וְיָשְׁבוּ בָהּ יְהוּדָה
כד וְכָל־עָרָיו יַחְדָּו אִכָּרִים וְנָסְעוּ בַּעֵדֶר׃ כִּי הִרְוֵיתִי נֶפֶשׁ
כה עֲיֵפָה וְכָל־נֶפֶשׁ דָּאֲבָה מִלֵּאתִי׃ עַל־זֹאת הֱקִיצֹתִי וָאֶרְאֶה
כו וּשְׁנָתִי עָרְבָה לִּי׃ הִנֵּה יָמִים בָּאִים נְאֻם־יְהוָה
וְזָרַעְתִּי אֶת־בֵּית יִשְׂרָאֵל וְאֶת־בֵּית יְהוּדָה זֶרַע אָדָם וְזֶרַע
כז בְּהֵמָה׃ וְהָיָה כַּאֲשֶׁר שָׁקַדְתִּי עֲלֵיהֶם לִנְתוֹשׁ וְלִנְתוֹץ
וְלַהֲרֹס וּלְהַאֲבִיד וּלְהָרֵעַ כֵּן אֶשְׁקֹד עֲלֵיהֶם לִבְנוֹת וְלִנְטוֹעַ
כח נְאֻם־יְהוָה׃ בַּיָּמִים הָהֵם לֹא־יֹאמְרוּ עוֹד אָבוֹת אָכְלוּ
כט בֹסֶר וְשִׁנֵּי בָנִים תִּקְהֶינָה׃ כִּי אִם־אִישׁ בַּעֲוֺנוֹ יָמוּת כָּל־
ל הָאָדָם הָאֹכֵל הַבֹּסֶר תִּקְהֶינָה שִׁנָּיו׃ הִנֵּה יָמִים בָּאִים
נְאֻם־יְהוָה וְכָרַתִּי אֶת־בֵּית יִשְׂרָאֵל וְאֶת־בֵּית יְהוּדָה בְּרִית
לא חֲדָשָׁה׃ לֹא כַבְּרִית אֲשֶׁר כָּרַתִּי אֶת־אֲבוֹתָם בְּיוֹם
הֶחֱזִיקִי בְיָדָם לְהוֹצִיאָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אֲשֶׁר־הֵמָּה הֵפֵרוּ
לב אֶת־בְּרִיתִי וְאָנֹכִי בָּעַלְתִּי בָם נְאֻם־יְהוָה׃ כִּי זֹאת הַבְּרִית
אֲשֶׁר אֶכְרֹת אֶת־בֵּית יִשְׂרָאֵל אַחֲרֵי הַיָּמִים הָהֵם נְאֻם־
יְהוָה נָתַתִּי אֶת־תּוֹרָתִי בְּקִרְבָּם וְעַל־לִבָּם אֶכְתֲּבֶנָּה וְהָיִיתִי
לג לָהֶם לֵאלֹהִים וְהֵמָּה יִהְיוּ־לִי לְעָם׃ וְלֹא יְלַמְּדוּ עוֹד אִישׁ
אֶת־רֵעֵהוּ וְאִישׁ אֶת־אָחִיו לֵאמֹר דְּעוּ אֶת־יְהוָה כִּי כוּלָּם
יֵדְעוּ אוֹתִי לְמִקְּטַנָּם וְעַד־גְּדוֹלָם נְאֻם־יְהוָה כִּי אֶסְלַח
לד לַעֲוֺנָם וּלְחַטָּאתָם לֹא אֶזְכָּר־עוֹד׃ כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה
נֹתֵן שֶׁמֶשׁ לְאוֹר יוֹמָם חֻקֹּת יָרֵחַ וְכוֹכָבִים לְאוֹר לָיְלָה

יט׳ ע״כ   כ׳ הלכת קרי   לג׳ שורק עם הדגש

20 שטעל דיר צייכנס,
מאַך דיר וועגשטאַנגען,
גיב אַכט אויף דעם שטעג,
דעם וועג וואָס דו ביסט געגאַנגען;
קער זיך אום, יונגפרוי ישׂראל,
קער זיך אום צו דידאָזיקע שטעט דיינע.
21 ביז וואַנען וועסטו זיך אָפּדרייען,
טאָכטער ווידערשפּעניקע?
פאַרוואָר, גאָט האָט באַשאַפן אַ נייס אויף דער ערד:
די ווייבספּאַרשוין זאָל זיך שַׁדכען צום מאַן.

22 אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבָאות, דער גאָט פון ישׂראל:
מע וועט נאָך זאָגן דאָסדאָזיקע וואָרט
אין לאַנד פון יהודה, און אין זיינע שטעט,
ווען איך קער אום זייער געפאַנגענשאַפט:
גאָט זאָל דיך בענטשן, וווינונג פון גערעכטיקייט,
הייליקער באַרג!
23 און יהודה און אַלע זיינע שטעט
וועלן דרינען זיצן אין איינעם:
אַקערלייט, און די וואָס ציען מיט סטאַדעס.
24 וואָרום איך דערקוויק די מידע זעל,
און איטלעך זעל וואָס שמאַכט, טו איך אָנפילן.

25 דערויף האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און מיך אומגעקוקט;
און מיין שלאָף איז מיר זיס געווען.

26 זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און איך וועל פאַרזייַען דאָס הויז פון ישׂראל
און דאָס הויז פון יהודה,
מיט זאָמען פון מענטשן, און מיט זאָמען פון בהמות.
27 און עס וועט זיין,
אַזוי ווי איך האָב אויפגעפּאַסט אויף זיי,
אויסצורייסן און אַיינצוואַרפן,
און צו צעשטערן און אונטערצוברעגען, און בייז צו טאָן,
אַזוי וועל איך אויפפּאַסן אויף זיי,
צו בויען און צו פלאַנצן, זאָגט גאָט.

28 אין יענע טעג וועט מען מער ניט זאָגן:
די פאָטערס האָבן געגעסן זויערע ווייַנטרויבן,
און די ציין פון די זין זיינען האַליק.
29 נייערט איטלעכער פאַר זיין זינד וועט שטאַרבן;
יעטוועדער מענטש וואָס עסט די זויערע ווייַנטרויבן,
זיינע ציין וועלן האַליק ווערן.

30 זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און איך וועל שליסן מיט דעם הויז פון ישׂראל,
און מיט דעם הויז פון יהודה,
אַ נייעם בונד;
31 ניט ווי דער בונד וואָס איך האָב געשלאָסן
מיט זייערע עלטערן
אין דעם טאָג וואָס איך האָב אָנגענומען זייער האַנט
זיי אַרויסצוציען פון לאַנד מִצרַיִם;
וואָרום זיי האָבן פאַרשטערט מיין בונד,
הגם איך בין געווען זייער האַר, זאָגט גאָט.
32 נייערט דאָס וועט זיין דער בונד וואָס איך וועל שליסן
מיט דעם הויז פון ישׂראל נאָך יענע טעג, זאָגט גאָט:
איך גיב אַריין מיין תּורה אין זיי,
און אויף זייער האַרצן וועל איך זי אויפשרייבן;
און איך וועל זיי זיין צום גאָט,
און זיי וועלן מיר זיין צום פאָלק.
33 און זיי וועלן מער ניט לערנען
איטלעכער זיין חבר, און איטלעכער זיין ברודער,
אַזוי צו זאָגן: קענט גאָט!
וואָרום זיי אַלע וועלן מיך קענען,
פון זייער קלענסטן ביז זייער גרעסטן, זאָגט גאָט;
וואָרום איך וועל פאַרגעבן זייער זינד,
און זייער חטא וועל איך מער ניט דערמאָנען.
34 אַזוי האָט גאָט געזאָגט,
דער וואָס גיט די זון פאַר אַ ליכט ביי טאָג,
און די געזעצן פון לבנה און שטערן
פאַר אַ ליכט ביי נאַכט;

דער וואָס רודערט אויף דעם ים, אַז זיינע כוואַליעס
ברומען—
יהוה פון צבָאות איז זיין נאָמען:
[35] אויב דידאָזיקע געזעצן וועלן אָפּגעטאָן ווערן פון פאַר
מיר,
זאָגט גאָט,
וועט אויך דער זאָמען פון ישׂראל אויפהערן
צו זיין אַ פאָלק פאַר מיר אַלע טעג.

[36] אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אויב די הימלען פון אויבן וועלן אויסגעמאָסטן ווערן,
און די גרונטפעסטן פון דער ערד אונטן וועלן דער־
פאָרשט ווערן,
וועל איך אויך פאַראַכטן אַלדעם זאָמען פון ישׂראל,
פאַר אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן, זאָגט גאָט.

[37] זע, טעג קומען, זאָגט גאָט, און די שטאָט וועט אויפגעבויט ווערן צו גאָט, פון דעם טורעם פון חֲנַנאֵל ביזן ווינקלטויער. [38] און די מעסטשנור וועט אַרויסגיין ווייטער, גלייך אַקעגן, ביזן בערגל גָרֵב, און וועט זיך פאַרדרייען קיין גוֹעָה. [36] און דער גאַנצער טאָל פון פגרים און אַש, און אַלע פעלדער ביז באַך קִדרוֹן, ביזן ווינקל פון פערד־טויער אין מזרח, וועלן זיין הייליק צו גאָט; עס וועט מער ניט אויסגעריסן ווערן, און ניט צעשטערט ווערן, אויף אייביק.

לב [1] דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו ירמיָהון פון גאָט, אין צענטן יאָר פון צִדקִיָהו דעם מלך פון יהודה, דאָס איז דאָס אַכצנטע יאָר פון נבוכַדרֶאצַר. [2] און דער חיל פון דעם מלך פון בָבל האָט דענסמאָל געלעגערט אויף ירושָלַיִם, און ירמיָהו הנביא איז געווען אַיינגעשפּאַרט אין הויף פון דער וואַך, וואָס אין הויז פון דעם מלך פון יהודה. [3] וואָרום צִדקִיָהו דער מלך פון יהודה האָט אים אַיינגעשפּאַרט, אַזוי צו זאָגן: אַלמאַי זאָגסטו נביאות, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: זע, איך גיב דידאָזיקע שטאָט אין דער האַנט פון דעם מלך פון בָבל, און ער וועט זי באַצווינגען; [4] און צִדקִיָהו דער מלך פון יהודה וועט ניט אַנטרונען ווערן פון דער האַנט פון די כַּשׂדים, נייערט איבערגעגעבן וועט ער איבערגעגעבן ווערן אין דער האַנט פון דעם מלך פון בָבל, און ער וועט רעדן צו אים מויל צו מויל, און אויג אין אויג וועט ער אים זען; [5] און קיין בָבל וועט ער אַוועקפירן צִדקִיָהון, און דאָרטן וועט ער זיין ביז איך דערמאָן זיך אָן אים, זאָגט גאָט; אַז איר וועט מלחמה האַלטן מיט די כַּשׂדים, וועט איר ניט באַגליקן?

[6] און ירמיָהו האָט געזאָגט: דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן: [7] זע, חֲנַמאֵל דער זון פון שַׁלום דיין פעטער קומט צו דיר, אַזוי צו זאָגן: קויף דיר מיין פעלד וואָס אין עֲנָתות, וואָרום דיר געהערט דאָס אויסלייזרעכט אָפּצוקויפן.
[8] און חֲנַמאֵל מיין פעטערס זון איז געקומען צו מיר אין הויף פון דער וואַך, אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט, און ער האָט

לה רֹגַע הַיָּם וַיֶּהֱמוּ גַלָּיו יְהוָה צְבָאוֹת שְׁמוֹ׃ אִם־יָמֻשׁוּ
הַחֻקִּים הָאֵלֶּה מִלְּפָנַי נְאֻם־יְהוָה גַּם זֶרַע יִשְׂרָאֵל יִשְׁבְּתוּ
לו מִהְיוֹת גּוֹי לְפָנַי כָּל־הַיָּמִים׃ כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה אִם־
יִמַּדּוּ שָׁמַיִם מִלְמַעְלָה וְיֵחָקְרוּ מוֹסְדֵי־אֶרֶץ לְמָטָּה גַּם־
אֲנִי אֶמְאַס בְּכָל־זֶרַע יִשְׂרָאֵל עַל־כָּל־אֲשֶׁר עָשׂוּ נְאֻם־
לז יְהוָה׃ הִנֵּה יָמִים נְאֻם־יְהוָה וְנִבְנְתָה הָעִיר
לח לַיהוָה מִמִּגְדַּל חֲנַנְאֵל עַד־שַׁעַר הַפִּנָּה׃ וְיָצָא עוֹד קָוֵה
לט הַמִּדָּה נֶגְדּוֹ עַל גִּבְעַת גָּרֵב וְנָסַב גֹּעָתָה׃ וְכָל־הָעֵמֶק
הַפְּגָרִים ׀ וְהַדֶּשֶׁן וְכָל־הַשְּׁרֵמוֹת עַד־נַחַל קִדְרוֹן עַד־פִּנַּת
שַׁעַר הַסּוּסִים מִזְרָחָה קֹדֶשׁ לַיהוָה לֹא־יִנָּתֵשׁ וְלֹא־יֵהָרֵס
עוֹד לְעוֹלָם׃

לב

א הַדָּבָר אֲשֶׁר הָיָה אֶל־יִרְמְיָהוּ מֵאֵת יְהוָה בַּשְּׁנַת הָעֲשִׂרִית
לְצִדְקִיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה הִיא הַשָּׁנָה שְׁמֹנֶה־עֶשְׂרֵה שָׁנָה
ב לִנְבוּכַדְרֶאצַּר׃ וְאָז חֵיל מֶלֶךְ בָּבֶל צָרִים עַל־יְרוּשָׁלִָם
וְיִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא הָיָה כָלוּא בַּחֲצַר הַמַּטָּרָה אֲשֶׁר בֵּית־
ג מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ אֲשֶׁר כְּלָאוֹ צִדְקִיָּהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה לֵאמֹר
מַדּוּעַ אַתָּה נִבָּא לֵאמֹר כֹּה אָמַר יְהוָה הִנְנִי נֹתֵן אֶת־
ד הָעִיר הַזֹּאת בְּיַד מֶלֶךְ־בָּבֶל וּלְכָדָהּ׃ וְצִדְקִיָּהוּ מֶלֶךְ
יְהוּדָה לֹא יִמָּלֵט מִיַּד הַכַּשְׂדִּים כִּי־הִנָּתֹן יִנָּתֵן בְּיַד מֶלֶךְ־
ה בָּבֶל וְדִבֶּר־פִּיו עִם־פִּיו וְעֵינָיו אֶת־עֵינָו תִּרְאֶינָה׃ וּבָבֶל
יוֹלִךְ אֶת־צִדְקִיָּהוּ וְשָׁם יִהְיֶה עַד־פָּקְדִי אֹתוֹ נְאֻם־יְהוָה
ו כִּי תִלָּחֲמוּ אֶת־הַכַּשְׂדִּים לֹא תַצְלִיחוּ׃ וַיֹּאמֶר
ז יִרְמְיָהוּ הָיָה דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ הִנֵּה חֲנַמְאֵל בֶּן־
שַׁלֻּם דֹּדְךָ בָּא אֵלֶיךָ לֵאמֹר קְנֵה לְךָ אֶת־שָׂדִי אֲשֶׁר
ח בַּעֲנָתוֹת כִּי לְךָ מִשְׁפַּט הַגְּאֻלָּה לִקְנוֹת׃ וַיָּבֹא אֵלַי חֲנַמְאֵל
בֶּן־דֹּדִי כִּדְבַר יְהוָה אֶל־חֲצַר הַמַּטָּרָה וַיֹּאמֶר אֵלַי קְנֵה

לא, לז׳ באים קרי ולא כתיב   בסא און מלח עד   לח׳ ק קרי   לט׳ השדמות קרי
לב, א׳ בשנה קרי   ד׳ עינו ק   ו׳ הפטרת בהר סיני

נָא אֶת־שָׂדִי אֲשֶׁר־בַּעֲנָתוֹת אֲשֶׁר | בְּאֶרֶץ בִּנְיָמִין כִּי לְךָ
מִשְׁפַּט הַיְרֻשָּׁה וּלְךָ הַגְּאֻלָּה קְנֵה־לָךְ וָאֵדַע כִּי דְבַר
יְהוָה הוּא׃ וָאֶקְנֶה אֶת־הַשָּׂדֶה מֵאֵת חֲנַמְאֵל בֶּן־דֹּדִי ט
אֲשֶׁר בַּעֲנָתוֹת וָאֶשְׁקֲלָה־לּוֹ אֶת־הַכֶּסֶף שִׁבְעָה שְׁקָלִים
וַעֲשָׂרָה הַכָּסֶף׃ וָאֶכְתֹּב בַּסֵּפֶר וָאֶחְתֹּם וָאָעֵד עֵדִים י
וָאֶשְׁקֹל הַכֶּסֶף בְּמֹאזְנָיִם׃ וָאֶקַּח אֶת־סֵפֶר הַמִּקְנָה אֶת־ יא
הֶחָתוּם הַמִּצְוָה וְהַחֻקִּים וְאֶת־הַגָּלוּי׃ וָאֶתֵּן אֶת־הַסֵּפֶר יב
הַמִּקְנָה אֶל־בָּרוּךְ בֶּן־נֵרִיָּה בֶּן־מַחְסֵיָה לְעֵינֵי חֲנַמְאֵל דֹּדִי
וּלְעֵינֵי הָעֵדִים הַכֹּתְבִים בְּסֵפֶר הַמִּקְנָה לְעֵינֵי כָּל־הַיְּהוּדִים
הַיֹּשְׁבִים בַּחֲצַר הַמַּטָּרָה׃ וָאֲצַוֶּה אֶת־בָּרוּךְ לְעֵינֵיהֶם יג
לֵאמֹר׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל לָקוֹחַ אֶת־ יד
הַסְּפָרִים הָאֵלֶּה אֵת סֵפֶר הַמִּקְנָה הַזֶּה וְאֵת הֶחָתוּם וְאֵת
סֵפֶר הַגָּלוּי הַזֶּה וּנְתַתָּם בִּכְלִי־חָרֶשׂ לְמַעַן יַעַמְדוּ יָמִים
רַבִּים׃ כִּי כֹה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל טו
עוֹד יִקָּנוּ בָתִּים וְשָׂדוֹת וּכְרָמִים בָּאָרֶץ הַזֹּאת׃
וָאֶתְפַּלֵּל אֶל־יְהוָה אַחֲרֵי תִתִּי אֶת־סֵפֶר הַמִּקְנָה אֶל־בָּרוּךְ טז
בֶּן־נֵרִיָּה לֵאמֹר׃ אֲהָהּ אֲדֹנָי יְהוִה הִנֵּה | אַתָּה עָשִׂיתָ יז
אֶת־הַשָּׁמַיִם וְאֶת־הָאָרֶץ בְּכֹחֲךָ הַגָּדוֹל וּבִזְרֹעֲךָ הַנְּטוּיָה
לֹא־יִפָּלֵא מִמְּךָ כָּל־דָּבָר׃ עֹשֶׂה חֶסֶד לַאֲלָפִים וּמְשַׁלֵּם יח
עֲוֺן אָבוֹת אֶל־חֵיק בְּנֵיהֶם אַחֲרֵיהֶם הָאֵל הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר
יְהוָה צְבָאוֹת שְׁמוֹ׃ גְּדֹל הָעֵצָה וְרַב הָעֲלִילִיָּה אֲשֶׁר־ יט
עֵינֶיךָ פְקֻחוֹת עַל־כָּל־דַּרְכֵי בְּנֵי אָדָם לָתֵת לְאִישׁ כִּדְרָכָיו
וְכִפְרִי מַעֲלָלָיו׃ אֲשֶׁר שַׂמְתָּ אֹתוֹת וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם כ
עַד־הַיּוֹם הַזֶּה וּבְיִשְׂרָאֵל וּבָאָדָם וַתַּעֲשֶׂה־לְּךָ שֵׁם כַּיּוֹם
הַזֶּה׃ וַתֹּצֵא אֶת־עַמְּךָ אֶת־יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם בְּאֹתוֹת כא
וּבְמוֹפְתִים וּבְיָד חֲזָקָה וּבְאֶזְרוֹעַ נְטוּיָה וּבְמוֹרָא גָּדוֹל׃
וַתִּתֵּן לָהֶם אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת אֲשֶׁר־נִשְׁבַּעְתָּ לַאֲבוֹתָם לָתֵת כב
לָהֶם אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ׃ וַיָּבֹאוּ וַיִּרְשׁוּ אֹתָהּ וְלֹא־ כג

יב׳ נ״א. הכתבים　　כב׳ צ״כ לקצת קהלות

צו מיר געזאָגט: קויף אָפּ, איך בעט דיך, מיין פעלד וואָס אין עֲנָתוֹת, וואָס אין לאַנד בנימין, וואָרום דיר געהערט דאָס רעכט פון ירושה, און דיר געהערט די אויסלייזונג; קויף עס דיר אָפּ. האָב איך געוווסט אַז דאָס איז דאָס וואָרט פון גאָט. [9] און איך האָב אָפּגעקויפט דאָס פעלד פון חֲנַמאֵל, מיין פעטערס זון, וואָס אין עֲנָתוֹת, און איך האָב אים אָפּגעוווֹיגן דאָס געלט, זיבן שֶקל און צען, זילבער. [10] און איך האָב אויפגעשריבן אויף אַ געשריפטס, און פאַרחתמעט, און געשטעלט עדות, און אָפּגעוווֹיגן דאָס געלט אויף אַ וואָגשאָל. [11] און איך האָב גענומען דעם שטַר־מכירה, דעם פאַרחתמעטן מיט די באַדינגען און די אָפּמאַכן, און דעם אָפענעם. [12] און איך האָב געגעבן דעם שטַר־מכירה צו בָּרוּך דעם זון פון נֵרִיָּה דעם זון פון מַחסֵיָהן, פאַר די אויגן פון חֲנַמאֵל [דעם זון פון] מיין פעטער, און פאַר די אויגן פון די עדות וואָס האָבן זיך אונטערגעשריבן אויפן שטַר־מכירה, פאַר די אויגן פון אַלע יִידן וואָס זיינען געזעסן אין הויף פון דער וואַך. [13] און איך האָב באַפוילן בָּרוּכן פאַר זייערע אויגן, אַזוי צו זאָגן: [14] אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבָאוֹת, דער גאָט פון ישׂראל: נעם דידאָזיקע געשריפטסן, דעמדאָזיקן שטַר־מכירה, אי דאָס פאַרחתמעטע, אי דאָסדאָזיקע אָפענע געשריפטס, און זאָלסט זיי אַריינטאָן אין אַ ליימענער כלי, כּדי זיי זאָלן האַלטן פיל טעג. [15] וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבָאוֹת, דער גאָט פון ישׂראל: עס וועלן נאָך געקויפט ווערן הייזער און פעלדער און וויינגערטנער אין דעמדאָזיקן לאַנד.

[16] און איך האָב מתפלל געווען צו גאָט נאָכדעם ווי איך האָב איבערגעגעבן דעם שטַר־מכירה צו בָּרוּך דעם זון פון נֵרִיָהן, אַזוי צו זאָגן: [17] וויי, גאָט דו האַר! זע, דו האָסט געמאַכט די הימלען און די ערד מיט דיין גרויס שטאַרקייט, און מיט דיין אויסגעשטרעקטן אָרעם; פון דיר איז ניט פאַרמיטן קיין זאַך. [18] טוסט חסד מיטן טויזנטסטן גליד, און באַצאָלסט די זינד פון די עלטערן אין דעם בוזעם פון זייערע קינדער נאָך זיי; דו גרויסער, מאַכטיקער גאָט, וואָס יהוה פון צבָאוֹת איז זיין נאָמען, [19] גרויס אין באַראָט, און שטאַרק אין טואונג, וואָס דיינע אויגן זיינען אָפן אויף אַלע וועגן פון די מענטשנקינדער, צו געבן איטלעכן לויט זיינע וועגן און לויט דער פרוכט פון זיינע מעשׂים; [20] דו וואָס האָסט געטאָן צייכנס און וווּנדער אין לאַנד מִצרַיִם, [און] ביז אויף הייַנטיקן טאָג, אי צווישן ישׂראל, אי צווישן [אַנדערע] מענטשן, און האָסט זיך געמאַכט אַ נאָמען, אַזוי ווי הייַנטיקן טאָג; [21] און האָסט אַרויסגעצויגן דיין פאָלק ישׂראל פון לאַנד מִצרַיִם מיט צייכנס און מיט וווּנדער, און מיט אַ שטאַרקער האַנט, און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם, און מיט גרויס פאָרכטיקייט; [22] און האָסט זיי געגעבן דאָסדאָזיקע לאַנד, וואָס דו האָסט געשוואָרן זייערע עלטערן זיי צו געבן, אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק; [23] און זיי זיינען געקומען, און האָבן עס געאַרבּט; אָבער זיי האָבן ניט

שָׁמְעוּ בְקוֹלֶךָ וּבְתֹרוֹתְךָ לֹא־הָלָכוּ אֵת כָּל־אֲשֶׁר צִוִּיתָה
לָהֶם לַעֲשׂוֹת לֹא עָשׂוּ וַתַּקְרֵא אֹתָם אֵת כָּל־הָרָעָה
כד הַזֹּאת׃ הִנֵּה הַסֹּלְלוֹת בָּאוּ הָעִיר לְלָכְדָהּ וְהָעִיר נִתְּנָה
בְּיַד הַכַּשְׂדִּים הַנִּלְחָמִים עָלֶיהָ מִפְּנֵי הַחֶרֶב וְהָרָעָב וְהַדָּבֶר
כה וַאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ הָיָה וְהִנְּךָ רֹאֶה׃ וְאַתָּה אָמַרְתָּ אֵלַי אֲדֹנָי
יֱהֹוִה קְנֵה־לְךָ הַשָּׂדֶה בַּכֶּסֶף וְהָעֵד עֵדִים וְהָעִיר נִתְּנָה
כו בְּיַד הַכַּשְׂדִּים׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהֹוָה אֶל־יִרְמְיָהוּ לֵאמֹר׃
כז הִנֵּה אֲנִי יְהֹוָה אֱלֹהֵי כָּל־בָּשָׂר הֲמִמֶּנִּי יִפָּלֵא כָּל־דָּבָר׃
כח לָכֵן כֹּה אָמַר יְהֹוָה הִנְנִי נֹתֵן אֶת־הָעִיר הַזֹּאת בְּיַד
כט הַכַּשְׂדִּים וּבְיַד נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל וּלְכָדָהּ׃ וּבָאוּ
הַכַּשְׂדִּים הַנִּלְחָמִים עַל־הָעִיר הַזֹּאת וְהִצִּיתוּ אֶת־הָעִיר
הַזֹּאת בָּאֵשׁ וּשְׂרָפוּהָ וְאֵת הַבָּתִּים אֲשֶׁר קִטְּרוּ עַל־גַּגּוֹתֵיהֶם
לַבַּעַל וְהִסִּכוּ נְסָכִים לֵאלֹהִים אֲחֵרִים לְמַעַן הַכְעִסֵנִי׃
ל כִּי־הָיוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל וּבְנֵי יְהוּדָה אַךְ עֹשִׂים הָרַע בְּעֵינַי
מִנְּעֻרֹתֵיהֶם כִּי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אַךְ מַכְעִסִים אֹתִי בְּמַעֲשֵׂה
לא יְדֵיהֶם נְאֻם־יְהֹוָה׃ כִּי עַל־אַפִּי וְעַל־חֲמָתִי הָיְתָה לִּי
הָעִיר הַזֹּאת לְמִן־הַיּוֹם אֲשֶׁר בָּנוּ אוֹתָהּ וְעַד הַיּוֹם הַזֶּה
לב לַהֲסִירָהּ מֵעַל פָּנָי׃ עַל כָּל־רָעַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל וּבְנֵי יְהוּדָה
אֲשֶׁר עָשׂוּ לְהַכְעִסֵנִי הֵמָּה מַלְכֵיהֶם שָׂרֵיהֶם כֹּהֲנֵיהֶם
לג וּנְבִיאֵיהֶם וְאִישׁ יְהוּדָה וְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִָם׃ וַיִּפְנוּ אֵלַי עֹרֶף
וְלֹא פָנִים וְלַמֵּד אֹתָם הַשְׁכֵּם וְלַמֵּד וְאֵינָם שֹׁמְעִים לָקַחַת
לד מוּסָר׃ וַיָּשִׂימוּ שִׁקּוּצֵיהֶם בַּבַּיִת אֲשֶׁר־נִקְרָא־שְׁמִי עָלָיו
לה לְטַמְּאוֹ׃ וַיִּבְנוּ אֶת־בָּמוֹת הַבַּעַל אֲשֶׁר ׀ בְּגֵיא בֶן־הִנֹּם
לְהַעֲבִיר אֶת־בְּנֵיהֶם וְאֶת־בְּנוֹתֵיהֶם לַמֹּלֶךְ אֲשֶׁר לֹא־
צִוִּיתִים וְלֹא עָלְתָה עַל־לִבִּי לַעֲשׂוֹת הַתּוֹעֵבָה הַזֹּאת לְמַעַן
לו הַחֲטִי אֶת־יְהוּדָה׃ וְעַתָּה לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהֹוָה אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל אֶל־הָעִיר הַזֹּאת אֲשֶׁר ׀ אַתֶּם אֹמְרִים נִתְּנָה בְּיַד

כג׳ ובתורתך קרי   קמץ בז״ק   כז׳ ע״כ   לה׳ החטיא קרי

צוגעהערט צו דיין קָול, און אין דיין תּורה זיינען זיי ניט געגאַנגען; אַלץ וואָס דו האָסט זיי באַפוילן צו טאָן האָבן זיי ניט געטאָן, און דו האָסט געמאַכט געשען צו זיי אַלדאָס־דאָזיקע בייז. [24] זע, די ערדוואַלן זיינען געקומען ביז דער שטאָט, זי צו באַצווינגען, און די שטאָט ווערט איבערגע־געבן אין דער האַנט פון די כַּשׂדים וואָס האַלטן מלחמה אויף איר, פון וועגן דער שווערד און דעם הונגער און דער פּעסט; און וואָס דו האָסט גערעדט איז געשען, און אָט זעסטו עס. [25] פון דעסטוועגן האָסטו, גאָט דו האַר, געזאָגט צו מיר: קויף דיר דאָס פעלד פאַר געלט, און שטעל עדות; ווען די שטאָט ווערט איבערגעגעבן אין דער האַנט פון די כַּשׂדים.

[26] איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו יִרמְיָהון, אַזוי צו זאָגן: [27] זע, איך בין יהוה דער גאָט פון אַלע לייבער; איז דען פאַרמיטן פון מיר אַ שום זאַך? [28] דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט: זע, איך גיב דידאָזיקע שטאָט אין דער האַנט פון די כַּשׂדים, און אין דער האַנט פון נבוכַדרֶאצַר דעם מלך פון בָּבל, און ער וועט זי באַצווינגען. [29] און די כַּשׂדים וואָס האַלטן מלחמה אויף דערדאָזיקער שטאָט, וועלן קומען און וועלן אָנצינדן דידאָזיקע שטאָט אין פייער, און וועלן זי פאַרברענען מיט די הייזער וואָס מע האָט גערייכערט אויף זייערע דעכער צו בַּעַל, און געגאָסן גיס־אָפּפער צו פרעמדע געטער, כּדי מיך צו דערצערענען. [30] וואָרום די קינדער פון ישׂראל און די קינדער פון יהודה פלעגן פון זייער יוגנט אָן רק טאָן וואָס איז שלעכט אין מיינע אויגן; וואָרום די קינדער פון ישׂראל טוען מיך רק דערצערענען מיט דעם ווערק פון זייערע הענט, זאָגט גאָט. [31] וואָרום צו מיין פאַרדראָס און צו מיין גרימצאָרן איז מיר געווען דידאָזיקע שטאָט פון דעם טאָג וואָס מען האָט זי געבויט, און ביז אויף היינטיקן טאָג, אַזוי אַז איך מוז זי אָפּטאָן פון מיין פּנים, [32] איבער אַלדעם בייז פון די קינדער פון ישׂראל און די קינדער פון יהודה, וואָס זיי האָבן געטאָן מיך צו דערצערענען, זיי, זייערע מלכים, זייערע האַרן, זייערע כּהנים, און זייערע נביאים, און די מענער פון יהודה און די באַוווינער פון ירושָלַיִם. [33] און זיי האָבן געקערט צו מיר דעם רוקן און ניט דעם פּנים, און איך האָב זיי געלערנט, נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד געלערנט, אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט צו נעמען אַ מוסר. [34] און זיי האָבן אַריינגעטאָן זייערע אומווערדיקייטן אין דעם הויז וואָס מיין נאָמען ווערט גערופן אויף אים, עס צו פאַראומרייניקן. [35] און זיי האָבן געבויט די בָּמות פון בַּעַל וואָס אין טאָל פון בֶּן־הִנום, אויף מקריב צו זיין זייערע זין און זייערע טעכטער צום מולֶך, וואָס ניט איך האָב זיי באַפוילן, און ניט מיר איז אויפן זינען אַרויפגעקומען, מע זאָל טאָן דידאָזיקע אומווערדיקייט, כּדי צו מאַכן זינדיקן יהודה. [36] אָבער אַצונד, פאַרוואָר, האָט אַזוי געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל אויף דערדאָזיקער שטאָט, וואָס איר

לז מֶלֶךְ־בָּבֶל בַּחֶרֶב וּבָרָעָב וּבַדָּבֶר׃ הִנְנִי מְקַבְּצָם מִכָּל־
הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר הִדַּחְתִּים שָׁם בְּאַפִּי וּבַחֲמָתִי וּבְקֶצֶף גָּדוֹל
לח וַהֲשִׁבֹתִים אֶל־הַמָּקוֹם הַזֶּה וְהֹשַׁבְתִּים לָבֶטַח׃ וְהָיוּ לִי
לט לְעָם וַאֲנִי אֶהְיֶה לָהֶם לֵאלֹהִים׃ וְנָתַתִּי לָהֶם לֵב אֶחָד
וְדֶרֶךְ אֶחָד לְיִרְאָה אוֹתִי כָּל־הַיָּמִים לְטוֹב לָהֶם וְלִבְנֵיהֶם
מ אַחֲרֵיהֶם׃ וְכָרַתִּי לָהֶם בְּרִית עוֹלָם אֲשֶׁר לֹא־אָשׁוּב
מֵאַחֲרֵיהֶם לְהֵיטִיבִי אוֹתָם וְאֶת־יִרְאָתִי אֶתֵּן בִּלְבָבָם
מא לְבִלְתִּי סוּר מֵעָלָי׃ וְשַׂשְׂתִּי עֲלֵיהֶם לְהֵטִיב אוֹתָם וּנְטַעְתִּים
מב בָּאָרֶץ הַזֹּאת בֶּאֱמֶת בְּכָל־לִבִּי וּבְכָל־נַפְשִׁי׃ כִּי־
כֹה אָמַר יְהוָה כַּאֲשֶׁר הֵבֵאתִי אֶל־הָעָם הַזֶּה אֵת כָּל־
הָרָעָה הַגְּדוֹלָה הַזֹּאת כֵּן אָנֹכִי מֵבִיא עֲלֵיהֶם אֶת־כָּל־
מג הַטּוֹבָה אֲשֶׁר אָנֹכִי דֹּבֵר עֲלֵיהֶם׃ וְנִקְנָה הַשָּׂדֶה בָּאָרֶץ
הַזֹּאת אֲשֶׁר ׀ אַתֶּם אֹמְרִים שְׁמָמָה הִיא מֵאֵין אָדָם וּבְהֵמָה
מד נִתְּנָה בְּיַד הַכַּשְׂדִּים׃ שָׂדוֹת בַּכֶּסֶף יִקְנוּ וְכָתוֹב בַּסֵּפֶר ׀
וְחָתוֹם וְהָעֵד עֵדִים בְּאֶרֶץ בִּנְיָמִן וּבִסְבִיבֵי יְרוּשָׁלַ͏ִם וּבְעָרֵי
יְהוּדָה וּבְעָרֵי הָהָר וּבְעָרֵי הַשְּׁפֵלָה וּבְעָרֵי הַנֶּגֶב כִּי־אָשִׁיב
אֶת־שְׁבוּתָם נְאֻם־יְהוָה׃

## לג

א וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֶל־יִרְמְיָהוּ שֵׁנִית וְהוּא עוֹדֶנּוּ עָצוּר
ב בַּחֲצַר הַמַּטָּרָה לֵאמֹר׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה עֹשָׂהּ יְהוָה יוֹצֵר
ג אוֹתָהּ לַהֲכִינָהּ יְהוָה שְׁמוֹ׃ קְרָא אֵלַי וְאֶעֱנֶךָּ וְאַגִּידָה
ד לְךָ גְּדֹלוֹת וּבְצֻרוֹת לֹא יְדַעְתָּם׃ כִּי כֹה אָמַר יְהוָה
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל עַל־בָּתֵּי הָעִיר הַזֹּאת וְעַל־בָּתֵּי מַלְכֵי יְהוּדָה
ה הַנְּתֻצִים אֶל־הַסֹּלְלוֹת וְאֶל־הֶחָרֶב׃ בָּאִים לְהִלָּחֵם אֶת־
הַכַּשְׂדִּים וּלְמַלְאָם אֶת־פִּגְרֵי הָאָדָם אֲשֶׁר־הִכֵּיתִי בְאַפִּי
וּבַחֲמָתִי וַאֲשֶׁר הִסְתַּרְתִּי פָנַי מֵהָעִיר הַזֹּאת עַל כָּל־
ו רָעָתָם׃ הִנְנִי מַעֲלֶה־לָּהּ אֲרֻכָה וּמַרְפֵּא וּרְפָאתִים וְגִלֵּיתִי
ז לָהֶם עֲתֶרֶת שָׁלוֹם וֶאֱמֶת׃ וַהֲשִׁבֹתִי אֶת־שְׁבוּת יְהוּדָה

---

לג, ג׳ נ״א ונצרות

זאָגט, זי איז איבערגעגעבן אין דער האַנט פון דעם מלך פון בבל דורך דער שווערד, און דורך דעם הונגער, און דורך דער פעסט:

[37] זע, איך זאַמל זיי איין פון אַלע לענדער,
וואָס איך האָב זיי פאַרשטויסן אַהין אין מיין כּעס,
און אין מיין גרים, און אין גרויס צאָרן,
און איך וועל זיי אומקערן צו דעמדאָזיקן אָרט,
און זיי מאַכן וווינען אין זיכערקייט.
[38] און זיי וועלן מיר זיין צום פאָלק,
און איך וועל זיי זיין צום גאָט.
[39] און איך וועל זיי געבן איין האַרץ, און איין וועג,
מורא צו האָבן פאַר מיר אַלע טעג,
כּדי זיי זאָל גוט זיין, און זייערע קינדער נאָך זיי.
[40] און איך וועל זיי שליסן אַן אייביקן בונד,
אַז איך וועל זיך ניט אָפּקערן פון הינטער זיי—
כּדי איך זאָל זיי באַגוטיקן;
און מיין פאָרכט וועל איך אַריינגעבן אין זייער האַרצן,
ניט אָפּצוקערן זיך פון מיר.
[41] און איך וועל מיך פריידן איבער זיי,
זיי צו באַגוטיקן,
און וועל זיי איינפלאַנצן אין דעמדאָזיקן לאַנד מיט אַן אמת,
מיט מיין גאַנצן האַרצן, און מיט מיין גאַנצער זעל.
[42] וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אַזוי ווי איך האָב געבראַכט אויף דעמדאָזיקן פאָלק
דאָסדאָזיקע גרויסע בייז,
אַזוי ברענג איך אויף זיי דאָס גאַנצע גוטס
וואָס איך זאָג אָן וועגן זיי.
[43] און פעלד וועט געקויפט ווערן אין דעמדאָזיקן לאַנד,
וואָס איר זאָגט, עס איז אַ וויסטעניש,
אָן אַ מענטש אָדער אַ בהמה,
עס איז איבערגעגעבן אין דער האַנט פון די כּשׂדים.
[44] מע וועט קויפן פעלדער פאַר געלט,
און מע וועט שרייבן שטר־מכירהס,
און פאַרחתמען, און שטעלן עדות,
אין לאַנד בנימין, און אַרום ירושלים,
און אין די שטעט פון יהודה,
און אין די שטעט פון דעם געבערג,
און אין די שטעט פון דער נידערונג,
און אין די שטעט פון דרום;
וואָרום איך וועל אומקערן זייער געפאַנגענשאַפט,
זאָגט גאָט.

לג [1] און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו ירמיהון אַ צווייט מאָל, ווען ער איז נאָך געווען איינגעשפּאַרט אין הויף פון דער וואַך, אַזוי צו זאָגן:

[2] אַזוי האָט געזאָגט יהוה וואָס האָט עס געמאַכט,
יהוה וואָס האָט דאָס געפורעמט עס אָנצוברייטן,
דער וואָס זיין נאָמען איז יהוה:
[3] רוף מיך, און איך וועל דיר ענטפערן,
און איך וועל דיר דערציילן גרויסע זאַכן,
און פאַרבאָרגענע וואָס דו ווייסט ניט.

[4] וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל אויף די הייזער פון דערדאָזיקער שטאָט, און אויף די הייזער פון די מלכים פון יהודה, וואָס זיינען איינגעוואָרפן געוואָרן פאַר די ערדוואַלן און פאַר דער שטרייטמויער, [5] וואָס זיי קומען מלחמה האַלטן דערויף מיט די כּשׂדים, און זיי אָנצופילן מיט די פּגרים פון די מענטשן וואָס איך האָב געשלאָגן אין מיין כּעס און אין מיין גרימצאָרן, און וואָס איבער אַל זייער בייז האָב איך פאַרבאָרגן מיין פּנים פון דערדאָזיקער שטאָט:

[6] זע, איך ברענג אויף איר אַ געזונטונג און אַ היילונג,
און וועל זי היילן;
און איך וועל זיי אַנטפּלעקן אַ שפע
פון שלום און זיכערקייט.
[7] און איך וועל אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון יהודה,

אוּן די געפאַנגענשאַפט פוּן ישׂראל,
אוּן וועל זיי אויפבויען אַזוי ווי פריער.
8 אוּן איך וועל זיי רייניקן פוּן אַל זייער חטא
וואָס זיי האָבן געזינדיקט צוּ מיר,
אוּן וועל פאַרגעבן אַלע זייערע חטאים
וואָס זיי האָבן געזינדיקט צוּ מיר,
אוּן וואָס זיי האָבן פאַרבראָכן אַקעגן מיר.
9 אוּן עס וועט מיר זיין פאַר אַ נאָמען פוּן פרייד,
פאַר אַ לויב, אוּן פאַר אַ שיינקייט,
ביי אַלע פעלקער פוּן דער ערד,
וואָס וועלן הערן אַלדאָס גוּטס וואָס איך טוּ מיט זיי,
אוּן וועלן אַנגסטן אוּן ציטערן פוּן וועגן אַלדעם גוּטס
אוּן פוּן וועגן אַלדעם גליק וואָס איך באַשער איר.

10 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
עס וועט נאָך געהערט ווערן אין דעמדאָזיקן אָרט,
וואָס איר זאָגט, ער איז וויסט, אָן אַ מענטשן אוּן אָן אַ
בהמה,
אין די שטעט פוּן יהוּדה, אוּן אין די גאַסן פוּן ירוּשָׁלַיִם,
וואָס זיינען פאַרוויסט, אָן אַ מענטשן,
אוּן אָן אַ באַוווינער, אוּן אָן אַ בהמה,
11 דער קָול פוּן לוּסטיקייט אוּן דער קָול פוּן פרייד,
דער קָול פוּן אַ חתן אוּן דער קָול פוּן אַ כלה,
דער קָול פוּן די וואָס זאָגן: „לויבט גאָט פוּן צבָאות,
וואָרוּם גאָט איז גוּט, וואָרוּם אייביק איז זיין חסד!",
פוּן די וואָס ברענגען דאַנקאָפּפער אין הויז פוּן גאָט;
וואָרוּם איך וועל אוּמקערן די געפאַנגענשאַפט פוּן דעם
לאַנד
אַזוי ווי פריער, זאָגט גאָט.

12 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פוּן צבָאות:
עס וועט נאָך זיין אין דעמדאָזיקן אָרט
וואָס איז וויסט, אָן אַ מענטשן אָדער אַ בהמה,
אוּן אין אַלע זיינע שטעט,
אַ פּיטערפּלאַץ פאַר פּאַסטוּכער וואָס מאַכן הויערן שאָף.
13 אין די שטעט פוּן דעם געבערג,
אין די שטעט פוּן דער נידערוּנג,
אוּן אין די שטעט פוּן דָרום, אוּן אין לאַנד בנימין,
אוּן אַרוּם ירוּשָׁלַיִם, אוּן אין די שטעט פוּן יהוּדה,
וועלן ווידער דוּרכגיין שאָף דוּרך דעם ציילערס הענט,
זאָגט גאָט.

14 זע, טעג קוּמען, זאָגט גאָט,
אוּן איך וועל מקיים זיין דעם גוּטן צוזאָג

ח וְאֵת שְׁבוּת יִשְׂרָאֵל וּבְנִתִם כְּבָרִאשֹׁנָה׃ וְטִהַרְתִּים מִכָּל־
עֲוֺנָם אֲשֶׁר חָטְאוּ־לִי וְסָלַחְתִּי לְכוֹל־עֲוֺנוֹתֵיהֶם אֲשֶׁר
ט חָטְאוּ־לִי וַאֲשֶׁר פָּשְׁעוּ בִי׃ וְהָיְתָה לִּי לְשֵׁם שָׂשׂוֹן לִתְהִלָּה
וּלְתִפְאֶרֶת לְכֹל גּוֹיֵי הָאָרֶץ אֲשֶׁר יִשְׁמְעוּ אֶת־כָּל־הַטּוֹבָה
אֲשֶׁר אָנֹכִי עֹשֶׂה אֹתָם וּפָחֲדוּ וְרָגְזוּ עַל כָּל־הַטּוֹבָה וְעַל
י כָּל־הַשָּׁלוֹם אֲשֶׁר אָנֹכִי עֹשֶׂה לָּהּ׃ כֹּה ׀ אָמַר
יְהוָה עוֹד יִשָּׁמַע בַּמָּקוֹם־הַזֶּה אֲשֶׁר אַתֶּם אֹמְרִים חָרֵב
הוּא מֵאֵין אָדָם וּמֵאֵין בְּהֵמָה בְּעָרֵי יְהוּדָה וּבְחֻצוֹת
יְרוּשָׁלִַם הַנְשַׁמּוֹת מֵאֵין אָדָם וּמֵאֵין יוֹשֵׁב וּמֵאֵין בְּהֵמָה׃
יא קוֹל שָׂשׂוֹן וְקוֹל שִׂמְחָה קוֹל חָתָן וְקוֹל כַּלָּה קוֹל אֹמְרִים
הוֹדוּ אֶת־יְהוָה צְבָאוֹת כִּי־טוֹב יְהוָה כִּי־לְעוֹלָם חַסְדּוֹ
מְבִאִים תּוֹדָה בֵּית יְהוָה כִּי־אָשִׁיב אֶת־שְׁבוּת־הָאָרֶץ
יב כְּבָרִאשֹׁנָה אָמַר יְהוָה׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
עוֹד יִהְיֶה ׀ בַּמָּקוֹם הַזֶּה הֶחָרֵב מֵאֵין־אָדָם וְעַד־בְּהֵמָה
יג וּבְכָל־עָרָיו נְוֵה רֹעִים מַרְבִּצִים צֹאן׃ בְּעָרֵי הָהָר בְּעָרֵי
הַשְּׁפֵלָה וּבְעָרֵי הַנֶּגֶב וּבְאֶרֶץ בִּנְיָמִן וּבִסְבִיבֵי יְרוּשָׁלִַם
וּבְעָרֵי יְהוּדָה עֹד תַּעֲבֹרְנָה הַצֹּאן עַל־יְדֵי מוֹנֶה אָמַר
יד יְהוָה׃ הִנֵּה יָמִים בָּאִים נְאֻם־יְהוָה וַהֲקִמֹתִי אֶת־
הַדָּבָר הַטּוֹב אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי אֶל־בֵּית יִשְׂרָאֵל וְעַל־בֵּית
טו יְהוּדָה׃ בַּיָּמִים הָהֵם וּבָעֵת הַהִיא אַצְמִיחַ לְדָוִד צֶמַח
טז צְדָקָה וְעָשָׂה מִשְׁפָּט וּצְדָקָה בָּאָרֶץ׃ בַּיָּמִים הָהֵם תִּוָּשַׁע
יְהוּדָה וִירוּשָׁלִַם תִּשְׁכּוֹן לָבֶטַח וְזֶה אֲשֶׁר־יִקְרָא־לָהּ
יז יְהוָה ׀ צִדְקֵנוּ׃ כִּי־כֹה אָמַר יְהוָה לֹא־יִכָּרֵת לְדָוִד
יח אִישׁ יֹשֵׁב עַל־כִּסֵּא בֵית־יִשְׂרָאֵל׃ וְלַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם לֹא־
יִכָּרֵת אִישׁ מִלְּפָנָי מַעֲלֶה עוֹלָה וּמַקְטִיר מִנְחָה וְעֹשֶׂה
יט זֶּבַח כָּל־הַיָּמִים׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה אֶל־יִרְמְיָהוּ לֵאמוֹר׃
כ כֹּה אָמַר יְהוָה אִם־תָּפֵרוּ אֶת־בְּרִיתִי הַיּוֹם וְאֶת־בְּרִיתִי

ת׳ יט׳ יתיר ו

וואָס איך האָב צוגעזאָגט אויף דעם הויז פוּן ישׂראל,
אוּן אויף דעם הויז פוּן יהוּדה.
15 אין יענע טעג, אוּן אין יענער צייט,
וועל איך מאַכן שפּראָצן פוּן דודן אַ שפּראָץ פוּן
גערעכטיקייט,
אוּן ער וועט טאָן רעכט אוּן גערעכטיקייט אין לאַנד.
16 אין יענע טעג וועט געהאָלפן ווערן יהוּדה,
אוּן ירוּשָׁלַיִם וועט רוּען אין זיכערקייט;
אוּן דאָס איז וואָס מע וועט זי רוּפן:
„גאָט איז אוּנדזער גערעכטיקייט!"[א]

17 וואָרוּם אַזוי האָט גאָט געזאָגט: עס וועט ניט פאַרשניטן ווערן פוּן דודן אַ מאַן צוּ זיצן אויפן טראָן פוּן דעם הויז
פוּן ישׂראל; 18 אוּן אויך פוּן די כּהנים פוּן שבט לֵוִי וועט ניט פאַרשניטן ווערן אַ מאַן פוּן פאַר מיר, אויפצוּברענגען
בראַנדאָפּפער, אוּן צוּ דעמפן שפּייזאָפּפער, אוּן צוּ מאַכן שלאַכטאָפּפער, אַלע טעג.
19 אוּן דאָס וואָרט פוּן גאָט איז געווען צוּ יִרמְיָהוּן, אַזוי צוּ זאָגן:
20 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אויב איר קענט פאַרשטערן מיין בוּנד מיטן טאָג,

[א] יְהוָֹה צִדְקֵנוּ.

הַלָּיְלָה וּלְבִלְתִּי הֱיוֹת יוֹמָם־וָלַיְלָה בְּעִתָּם׃ גַּם־בְּרִיתִי כא
תֻפַר אֶת־דָּוִד עַבְדִּי מִהְיוֹת־לוֹ בֵן מֹלֵךְ עַל־כִּסְאוֹ וְאֶת־
הַלְוִיִּם הַכֹּהֲנִים מְשָׁרְתָי׃ אֲשֶׁר לֹא־יִסָּפֵר צְבָא הַשָּׁמַיִם כב
וְלֹא יִמַּד חוֹל הַיָּם כֵּן אַרְבֶּה אֶת־זֶרַע דָּוִד עַבְדִּי וְאֶת־
הַלְוִיִּם מְשָׁרְתֵי אֹתִי׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה אֶל־יִרְמְיָהוּ כג
לֵאמֹר׃ הֲלוֹא רָאִיתָ מָה־הָעָם הַזֶּה דִּבְּרוּ לֵאמֹר שְׁתֵּי כד
הַמִּשְׁפָּחוֹת אֲשֶׁר בָּחַר יְהוָה בָּהֶם וַיִּמְאָסֵם וְאֶת־עַמִּי
יִנְאָצוּן מִהְיוֹת עוֹד גּוֹי לִפְנֵיהֶם׃ כֹּה אָמַר יְהוָה כה
אִם־לֹא בְרִיתִי יוֹמָם וָלָיְלָה חֻקּוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא־
שָׂמְתִּי׃ גַּם־זֶרַע יַעֲקוֹב וְדָוִד עַבְדִּי אֶמְאַס מִקַּחַת מִזַּרְעוֹ כו
מֹשְׁלִים אֶל־זֶרַע אַבְרָהָם יִשְׂחָק וְיַעֲקֹב כִּי־אָשׁוּב אֶת־
שְׁבוּתָם וְרִחַמְתִּים׃

לד

הַדָּבָר אֲשֶׁר־הָיָה אֶל־יִרְמְיָהוּ מֵאֵת יְהוָה וּנְבוּכַדְרֶאצַּר א
מֶלֶךְ־בָּבֶל ׀ וְכָל־חֵילוֹ וְכָל־מַמְלְכוֹת אֶרֶץ מֶמְשֶׁלֶת יָדוֹ
וְכָל־הָעַמִּים נִלְחָמִים עַל־יְרוּשָׁלִַם וְעַל־כָּל־עָרֶיהָ לֵאמֹר׃
כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הָלֹךְ וְאָמַרְתָּ אֶל־צִדְקִיָּהוּ ב
מֶלֶךְ יְהוּדָה וְאָמַרְתָּ אֵלָיו כֹּה אָמַר יְהוָה הִנְנִי נֹתֵן אֶת־
הָעִיר הַזֹּאת בְּיַד מֶלֶךְ־בָּבֶל וּשְׂרָפָהּ בָּאֵשׁ׃ וְאַתָּה לֹא ג
תִמָּלֵט מִיָּדוֹ כִּי תָּפֹשׂ תִּתָּפֵשׂ וּבְיָדוֹ תִּנָּתֵן וְעֵינֶיךָ אֶת־עֵינֵי
מֶלֶךְ־בָּבֶל תִּרְאֶינָה וּפִיהוּ אֶת־פִּיךָ יְדַבֵּר וּבָבֶל תָּבוֹא׃
אַךְ שְׁמַע דְּבַר־יְהוָה צִדְקִיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה כֹּה־אָמַר יְהוָה ד
עָלֶיךָ לֹא תָמוּת בֶּחָרֶב׃ בְּשָׁלוֹם תָּמוּת וּבְמִשְׂרְפוֹת ה
אֲבוֹתֶיךָ הַמְּלָכִים הָרִאשֹׁנִים אֲשֶׁר־הָיוּ לְפָנֶיךָ כֵּן יִשְׂרְפוּ־
לָךְ וְהוֹי אָדוֹן יִסְפְּדוּ־לָךְ כִּי־דָבָר אֲנִי־דִבַּרְתִּי נְאֻם־יְהוָה׃
וַיְדַבֵּר יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא אֶל־צִדְקִיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה ו
אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה בִּירוּשָׁלִָם׃ וְחֵיל מֶלֶךְ־בָּבֶל ז

לג, כו׳ סלא ו   אשיב קרי   ס״כ   לד, ה׳ בס״א וכמשרפות

און מיין בונד מיט דער נאַכט,
אַז טאָג און נאַכט זאָלן ניט זיין אין זייער צייט,
[21] וועט אויך מיין בונד פאַרשטערט ווערן מיט דוד מיין קנעכט,
אַז פון אים זאָל ניט זיין אַ זון צו קיניגן אויף זיין טראָן,
און מיט די כֹּהנים פון שבט לֵוִי מיינע דינער.
[22] אַזוי ווי דער חיל פון הימל קען ניט געציילט ווערן,
און דער זאַמד פון ים קען ניט געמאָסטן ווערן,
אַזוי וועל איך מערן דעם זאָמען פון מיין קנעכט דוד,
און די לְוִיִּים וואָס דינען מיר.

[23] און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו יִרמְיָהון, אַזוי צו זאָגן: [24] האָסטו ניט געמערקט וואָס דידאָזיקע לייט רעדן, אַזוי צו זאָגן: די צוויי משפחות וואָס גאָט האָט זיי געוועסט אויסדערוויילט, זיי האָט ער פאַראַכט? און מיין פאָלק לעסטערן זיי, אַז עס איז מער ניט קיין אומה ביי זיי.
[25] אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אויב איך האָב ניט מיין בונד מיט טאָג און נאַכט,
די געזעצן פון ערד און הימל, ניט געמאַכט,
[26] וועל איך אויך פאַראַכטן דעם זאָמען פון יעקב,
און דוד מיין קנעכט,
ניט צו נעמען פון זיין זאָמען געוועלטיקער
איבער דעם זאָמען פון אַברהם, יצחק[א], און יעקב;
וואָרום איך וועל אומקערן זייער געפאַנגענשאַפט,
און וועל זיי דערבאַרימען.

לד [1] דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו יִרמְיָהון פון גאָט, בעת נבוכַדרֶאצַר דער מלך פון בָּבל, און זיין גאַנצער חיל, און אַלע קיניגרייכן פון דער ערד אונטער דער ממשלה פון זיין האַנט, און אַלע פעלקער, האָבן מלחמה געהאַלטן אויף ירושָׁלַיִם און אויף אַלע אירע שטעט; אַזוי צו זאָגן:

[2] אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל: גיי, און זאָלסט רעדן צו צִדקִיָהו דעם מלך פון יהודה, און זאָגן צו אים:
אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, איך גיב דידאָזיקע שטאָט
אין דער האַנט פון דעם מלך פון בָּבל,
און ער וועט זי פאַרברענען אין פייער.
[3] און דו וועסט ניט אַנטרונען ווערן פון זיין האַנט,
נאָר כאַפּן וועסטו געכאַפּט ווערן,
און אין זיין האַנט וועסטו איבערגעגעבן ווערן,
און אויג אין אויג וועסטו זען דעם מלך פון בָּבל,
און מויל צו מויל וועט ער מיט דיר רעדן,
און קיין בָּבל וועסטו קומען.
[4] אָבער הער דאָס וואָרט פון גאָט,
צִדקִיָהו מלך פון יהודה:
אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויף דיר:
וועסט ניט שטאַרבן דורכן שווערד.
[5] בשלום וועסטו שטאַרבן,
און לויט די פאַרברענונגען פון דיינע עלטערן,
די פריערדיקע מלכים וואָס זיינען געווען פאַר דיר,
אַזוי וועט מען פאַרברענען נאָך דיר;
און „ווי האַרו!" וועט מען קלאָגן אויף דיר,
וואָרום איך האָב אַ וואָרט גערעדט, זאָגט גאָט.
[6] און יִרמְיָהו הנביא האָט גערעדט צו צִדקִיָהו דעם מלך פון יהודה אַלע דידאָזיקע ווערטער אין ירושָׁלַיִם, [7] בעת דער

[א] אין טעקסט: יִשְׂחָק.

נִלְחָמִים עַל־יְרוּשָׁלִַם וְעַל כָּל־עָרֵי יְהוּדָה הַנּוֹתָרוֹת אֶל־
לָכִישׁ וְאֶל־עֲזֵקָה כִּי הֵנָּה נִשְׁאֲרוּ בְּעָרֵי יְהוּדָה עָרֵי
ח מִבְצָר׃ הַדָּבָר אֲשֶׁר־הָיָה אֶל־יִרְמְיָהוּ מֵאֵת יְהוָה
אַחֲרֵי כְּרֹת הַמֶּלֶךְ צִדְקִיָּהוּ בְּרִית אֶת־כָּל־הָעָם אֲשֶׁר
ט בִּירוּשָׁלִַם לִקְרֹא לָהֶם דְּרוֹר׃ לְשַׁלַּח אִישׁ אֶת־עַבְדּוֹ
וְאִישׁ אֶת־שִׁפְחָתוֹ הָעִבְרִי וְהָעִבְרִיָּה חָפְשִׁים לְבִלְתִּי עֲבָד־
י בָּם בִּיהוּדִי אָחִיהוּ אִישׁ׃ וַיִּשְׁמְעוּ כָל־הַשָּׂרִים וְכָל־הָעָם
אֲשֶׁר־בָּאוּ בַבְּרִית לְשַׁלַּח אִישׁ אֶת־עַבְדּוֹ וְאִישׁ אֶת־
שִׁפְחָתוֹ חָפְשִׁים לְבִלְתִּי עֲבָד־בָּם עוֹד וַיִּשְׁמְעוּ וַיְשַׁלֵּחוּ׃
יא וַיָּשׁוּבוּ אַחֲרֵי־כֵן וַיָּשִׁבוּ אֶת־הָעֲבָדִים וְאֶת־הַשְּׁפָחוֹת
אֲשֶׁר שִׁלְּחוּ חָפְשִׁים וַיִּכְבִּישׁוּם לַעֲבָדִים וְלִשְׁפָחוֹת׃
יב יג וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֶל־יִרְמְיָהוּ מֵאֵת יְהוָה לֵאמֹר׃ כֹּה־אָמַר
יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אָנֹכִי כָּרַתִּי בְרִית אֶת־אֲבוֹתֵיכֶם בְּיוֹם
יד הוֹצִאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים לֵאמֹר׃ מִקֵּץ
שֶׁבַע שָׁנִים תְּשַׁלְּחוּ אִישׁ אֶת־אָחִיו הָעִבְרִי אֲשֶׁר יִמָּכֵר
לְךָ וַעֲבָדְךָ שֵׁשׁ שָׁנִים וְשִׁלַּחְתּוֹ חָפְשִׁי מֵעִמָּךְ וְלֹא־שָׁמְעוּ
טו אֲבוֹתֵיכֶם אֵלַי וְלֹא הִטּוּ אֶת־אָזְנָם׃ וַתָּשֻׁבוּ אַתֶּם הַיּוֹם
וַתַּעֲשׂוּ אֶת־הַיָּשָׁר בְּעֵינַי לִקְרֹא דְרוֹר אִישׁ לְרֵעֵהוּ וַתִּכְרְתוּ
טז בְרִית לְפָנַי בַּבַּיִת אֲשֶׁר־נִקְרָא שְׁמִי עָלָיו׃ וַתָּשֻׁבוּ וַתְּחַלְּלוּ
אֶת־שְׁמִי וַתָּשִׁבוּ אִישׁ אֶת־עַבְדּוֹ וְאִישׁ אֶת־שִׁפְחָתוֹ אֲשֶׁר־
שִׁלַּחְתֶּם חָפְשִׁים לְנַפְשָׁם וַתִּכְבְּשׁוּ אֹתָם לִהְיוֹת לָכֶם
יז לַעֲבָדִים וְלִשְׁפָחוֹת׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה אַתֶּם
לֹא־שְׁמַעְתֶּם אֵלַי לִקְרֹא דְרוֹר אִישׁ לְאָחִיו וְאִישׁ לְרֵעֵהוּ
הִנְנִי קֹרֵא לָכֶם דְּרוֹר נְאֻם־יְהוָה אֶל־הַחֶרֶב אֶל־הַדֶּבֶר
וְאֶל־הָרָעָב וְנָתַתִּי אֶתְכֶם לְזַוְעָה לְכֹל מַמְלְכוֹת הָאָרֶץ׃
יח וְנָתַתִּי אֶת־הָאֲנָשִׁים הָעֹבְרִים אֶת־בְּרִתִי אֲשֶׁר לֹא־הֵקִימוּ
אֶת־דִּבְרֵי הַבְּרִית אֲשֶׁר כָּרְתוּ לְפָנָי הָעֵגֶל אֲשֶׁר כָּרְתוּ

ח׳ הפטרת משפטים   יא׳ יתיר י   יז׳ לזועה קרי   יח׳ חסר י

חיל פון דעם מלך פון בָּבל האָט מלחמה געהאַלטן אויף ירושָׁלַיִם, און אויף אַלע געבליבענע שטעט פון יהודה, אויף לָכיש, און אויף עֲזֵקָה; וואָרום זיי זיינען געבליבן צווישן די שטעט פון יהודה באַפעסטיקטע שטעט.

[8] דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו יִרמיָהון פון גאָט, נאָכדעם אַז דער מלך צִדקִיָהו האָט געשלאָסן אַ בונד מיטן גאַנצן פאָלק אין ירושָׁלַיִם, אויסצורופן בײַ זיך אַ פרײַלאָזונג; [9] אַרויסצולאָזן איטלעכער זיין קנעכט, און איטלעכער זיין דינסט, דעם ייִדישן און די ייִדישע, פריי, אַז קיינער זאָל ניט אַרבעטן מיט זיי, מיט זיין ייִדישן ברודער. [10] האָבן געוועסט צוגעהערט אַלע האַרן און דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס זיינען אַריין אין דעם בונד אַרויסצולאָזן איטלעכער זיין קנעכט, און איטלעכער זיין דינסט, פריי, ניט צו אַרבעטן מיט זיי מער, און זיי האָבן געהאָרכט און האָבן אַרויסגעלאָזט. [11] אָבער דערנאָך האָבן זיי חרטה געקריגן, און האָבן צוריקגענומען די קנעכט און די דינסטן, וואָס זיי האָבן אַרויסגעלאָזט פריי, און זיי האָבן זיי באַצוווּנגען פאַר קנעכט און פאַר דינסטן. [12] איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו יִרמיָהון פון גאָט, אַזוי צו זאָגן:

[13] אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל: איך האָב געשלאָסן אַ בונד מיט אײַערע עלטערן אין דעם טאָג וואָס איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט, אַזוי צו זאָגן: [14] צום סוף פון זיבן יאָר זאָלט איר אַרויסלאָזן איטלעכער זיין ייִדישן ברודער, וואָס האָט זיך פאַרקויפט צו דיר, און האָט דיר געדינט זעקס יאָר; זאָלסט אים אַרויסלאָזן פריי פון דיר. אָבער אײַערע עלטערן האָבן ניט צוגעהערט צו מיר, און ניט צוגענייגט זייער אויער. [15] און איר האָט היינט תשובה געטאָן, און האָט געטאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין מיינע אויגן, אויסצורופן אַ פרײַלאָזונג איטלעכער צו זיין חבר, און איר האָט געשלאָסן אַ בונד פאַר מיר אין דעם הויז וואָס מיין נאָמען ווערט גערופן אויף אים. [16] אָבער איר האָט חרטה געקריגן, און איר האָט פאַרשוועכט מיין נאָמען, און האָט צוריקגענומען איטלעכער זיין קנעכט, און איטלעכער זיין דינסט, וואָס איר האָט אַרויסגעלאָזט פריי פאַר זיך; און איר האָט זיי באַצוווּנגען צו זיין פאַר קנעכט און פאַר דינסטן צו אײַך. [17] דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט: איר האָט ניט צוגעהערט צו מיר, אויסצורופן אַ פרײַלאָזונג איטלעכער צו זיין ברודער, און איטלעכער צו זיין חבר, אָט רוף איך אײַך אויס אַ פרײַלאָזונג, זאָגט גאָט, פאַר דער שווערד, פאַר דער פעסט, און פאַר דעם הונגער, און איך וועל אײַך מאַכן פאַר אַ שוידער בײַ אַלע קיניגרייכן פון דער ערד. [18] און איך וועל געבן די מענטשן וואָס האָבן איבערגעטרעטן מיין בונד, וואָס האָבן ניט מקיים געווען די ווערטער פון דעם בונד וואָס זיי האָבן געשלאָסן פאַר מיר, בײַ דעם קאַלב וואָס זיי האָבן

לִשְׁנַיִם וַיַּעַבְרוּ בֵּין בְּתָרָיו׃ שָׂרֵי יְהוּדָה וְשָׂרֵי יְרוּשָׁלַ͏ִם יט
הַסָּרִסִים וְהַכֹּהֲנִים וְכֹל עַם הָאָרֶץ הָעֹבְרִים בֵּין בִּתְרֵי
הָעֵגֶל׃ וְנָתַתִּי אוֹתָם בְּיַד אֹיְבֵיהֶם וּבְיַד מְבַקְשֵׁי נַפְשָׁם כ
וְהָיְתָה נִבְלָתָם לְמַאֲכָל לְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּלְבֶהֱמַת הָאָרֶץ׃
וְאֶת־צִדְקִיָּהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה וְאֶת־שָׂרָיו אֶתֵּן בְּיַד אֹיְבֵיהֶם כא
וּבְיַד מְבַקְשֵׁי נַפְשָׁם וּבְיַד חֵיל מֶלֶךְ בָּבֶל הָעֹלִים מֵעֲלֵיכֶם׃
הִנְנִי מְצַוֶּה נְאֻם־יְהוָה וַהֲשִׁבֹתִים אֶל־הָעִיר הַזֹּאת וְנִלְחֲמוּ כב
עָלֶיהָ וּלְכָדוּהָ וּשְׂרָפֻהָ בָאֵשׁ וְאֶת־עָרֵי יְהוּדָה אֶתֵּן שְׁמָמָה
מֵאֵין יֹשֵׁב׃

## לה

הַדָּבָר אֲשֶׁר־הָיָה אֶל־יִרְמְיָהוּ מֵאֵת יְהוָה בִּימֵי יְהוֹיָקִים א
בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה לֵאמֹר׃ הָלוֹךְ אֶל־בֵּית הָרֵכָבִים ב
וְדִבַּרְתָּ אוֹתָם וַהֲבִאוֹתָם בֵּית יְהוָה אֶל־אַחַת הַלְּשָׁכוֹת
וְהִשְׁקִיתָ אוֹתָם יָיִן׃ וָאֶקַּח אֶת־יַאֲזַנְיָה בֶן־יִרְמְיָהוּ בֶּן־ ג
חֲבַצִּנְיָה וְאֶת־אֶחָיו וְאֶת־כָּל־בָּנָיו וְאֵת כָּל־בֵּית הָרֵכָבִים׃
וָאָבִא אֹתָם בֵּית יְהוָה אֶל־לִשְׁכַּת בְּנֵי חָנָן בֶּן־יִגְדַּלְיָהוּ ד
אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר־אֵצֶל לִשְׁכַּת הַשָּׂרִים אֲשֶׁר מִמַּעַל
לְלִשְׁכַּת מַעֲשֵׂיָהוּ בֶן־שַׁלֻּם שֹׁמֵר הַסַּף׃ וָאֶתֵּן לִפְנֵי ׀ בְּנֵי ה
בֵית־הָרֵכָבִים גְּבִעִים מְלֵאִים יַיִן וְכֹסוֹת וָאֹמַר אֲלֵיהֶם שְׁתוּ־
יָיִן׃ וַיֹּאמְרוּ לֹא נִשְׁתֶּה־יָּיִן כִּי יוֹנָדָב בֶּן־רֵכָב אָבִינוּ צִוָּה ו
עָלֵינוּ לֵאמֹר לֹא תִשְׁתּוּ־יַיִן אַתֶּם וּבְנֵיכֶם עַד־עוֹלָם׃ וּבַיִת ז
לֹא־תִבְנוּ וְזֶרַע לֹא־תִזְרָעוּ וְכֶרֶם לֹא־תִטָּעוּ וְלֹא יִהְיֶה לָכֶם
כִּי בָּאֳהָלִים תֵּשְׁבוּ כָּל־יְמֵיכֶם לְמַעַן תִּחְיוּ יָמִים רַבִּים
עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר אַתֶּם גָּרִים שָׁם׃ וַנִּשְׁמַע בְּקוֹל ח
יְהוֹנָדָב בֶּן־רֵכָב אָבִינוּ לְכֹל אֲשֶׁר צִוָּנוּ לְבִלְתִּי שְׁתוֹת־
יַיִן כָּל־יָמֵינוּ אֲנַחְנוּ נָשֵׁינוּ בָּנֵינוּ וּבְנֹתֵינוּ׃ וּלְבִלְתִּי בְּנוֹת ט
בָּתִּים לְשִׁבְתֵּנוּ וְכֶרֶם וְשָׂדֶה וָזֶרַע לֹא יִהְיֶה־לָּנוּ׃ וַנֵּשֶׁב י

לד,כב׳ חזור אל לג,כה׳ לה, ד׳ פתח בס״ס ו׳ קמץ בס״ס קמץ בז״ק

צעשניטן אין צוויען, און זיינען דורכגעגאַנגען צווישן זײַנע שטיקער—[19] די האַרן פון יהודה, און די האַרן פון ירושָלַיִם, די הויפדינער, און די כּהנים, און דאָס גאַנצע פאָלק פון לאַנד, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען צווישן די שטיקער פון דעם קאַלב—[20] איך וועל זיי געבן אין דער האַנט פון זייערע פיינט, און אין דער האַנט פון די וואָס זוכן זייער לעבן, און זייערע טויטע לייבער וועלן זיין צו שפּייז פאַרן פויגל פון הימל, און פאַר דער חיה פון דער ערד. [21] און צִדְקִיָהו דעם מלך פון יהודה און זיינע האַרן וועל איך געבן אין דער האַנט פון זייערע פיינט, און אין דער האַנט פון די וואָס זוכן זייער לעבן, און אין דער האַנט פון דעם חיל פון דעם מלך פון בָּבֶל וואָס האָט אָפּגעצויגן פון אייך. [22] זע, איך באַפעל, זאָגט גאָט, און וועל זיי אומקערן צו דערדאָזיקער שטאָט, און זיי וועלן מלחמה האַלטן אויף איר, און וועלן זי באַצווינגען, און וועלן זי פאַרברענען אין פייער, און די שטעט פון יהודה וועל איך מאַכן אַ וויסטעניש אָן אַ באַווינער.

## לה

[1] דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו ירמָיָהון פון גאָט אין די טעג פון יהוֹיָקים דעם זון פון יאשִיָהון, דעם מלך פון יהודה, אַזוי צו זאָגן: [2] גיי צו דעם הויז פון די רֵכָבים, און זאָלסט רעדן צו זיי, און זיי ברענגען אין הויז פון גאָט, אין איינער פון די קאַמערן, און זיי געבן טרינקען ווין. [3] האָב איך גענומען יַאֲזַנְיָה דעם זון פון יִרְמְיָהו דעם זון פון חֲבַצִנְיָהן, און זיינע ברידער, און אַלע זיינע זין, און דאָס גאַנצע הויז פון די רֵכָבים. [4] און איך האָב זיי געבראַכט אין הויז פון גאָט, אין דער קאַמער פון די זין פון חָנָן דעם זון פון יִגְדַלְיָהו דעם געטלעכן מאַן, וואָס לעבן דער קאַמער פון די האַרן, וואָס איבער דער קאַמער פון מַעֲשֵׂיָהו דעם זון פון שַלוּם דעם שוועלהיטער. [5] און איך האָב דערלאַנגט פאַר די קינדער פון דעם הויז פון די רֵכָבים קריגלעך פול מיט ווין און בעכערס, און איך האָב צו זיי געזאָגט: טרינקט ווין. [6] האָבן זיי געזאָגט: מיר טרינקען ניט קיין ווין, וואָרום יוֹנָדָב דער זון פון רֵכָבן, אונדזער פאָטער, האָט אונדז באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט ניט טרינקען קיין ווין, איר, און אייערע קינדער ביז אייביק; [7] און קיין הויז זאָלט איר ניט בויען, און קיין זאָמען זאָלט איר ניט זייען, און קיין וויינגאָרטן זאָלט איר ניט פלאַנצן, און ניט האָבן; נייערט אין געצעלטן זאָלט איר זיצן אַלע אייערע טעג, כּדי איר זאָלט לעבן פיל טעג אויפן געזיכט פון דער ערד וואָס איר וווינט דאָרטן. [8] און מיר האָבן צוגעהערט צו דעם קָול פון יהוֹנָדָב דעם זון פון רֵכָבן, אונדזער פאָטער, אין אַלץ וואָס ער האָט אונדז באַפוילן, ניט צו טרינקען קיין ווין אַלע אונדזערע טעג, מיר, אונדזערע ווייבער, אונדזערע זין, און אונדזערע טעכטער; [9] און ניט צו בויען קיין הייזער פאַר אונדז צום וווינען, און קיין וויינגאָרטן, און קיין פעלד, און קיין זאָמען, זאָל ביי אונדז ניט זיין. [10] און מיר זיינען געזעסן אין געצעלטן, און מיר האָבן געהאָרכט און

יא בָּאֳהָלִים וַנִּשְׁמַע וַנַּעַשׂ כְּכֹל אֲשֶׁר־צִוָּנוּ יוֹנָדָב אָבִינוּ׃ וַיְהִי
בַּעֲלוֹת נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל אֶל־הָאָרֶץ וַנֹּאמֶר בֹּאוּ
וְנָבוֹא יְרוּשָׁלַםִ מִפְּנֵי חֵיל הַכַּשְׂדִּים וּמִפְּנֵי חֵיל אֲרָם וַנֵּשֶׁב
יב בִּירוּשָׁלָםִ׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה אֶל־יִרְמְיָהוּ לֵאמֹר׃
יג כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הָלֹךְ וְאָמַרְתָּ לְאִישׁ
יְהוּדָה וּלְיוֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלָםִ הֲלוֹא תִקְחוּ מוּסָר לִשְׁמֹעַ אֶל־
יד דְּבָרַי נְאֻם־יְהוָה׃ הוּקַם אֶת־דִּבְרֵי יְהוֹנָדָב בֶּן־רֵכָב אֲשֶׁר־
צִוָּה אֶת־בָּנָיו לְבִלְתִּי שְׁתוֹת־יַיִן וְלֹא שָׁתוּ עַד־הַיּוֹם הַזֶּה
כִּי שָׁמְעוּ אֵת מִצְוַת אֲבִיהֶם וְאָנֹכִי דִּבַּרְתִּי אֲלֵיכֶם הַשְׁכֵּם
טו וְדַבֵּר וְלֹא שְׁמַעְתֶּם אֵלָי׃ וָאֶשְׁלַח אֲלֵיכֶם אֶת־כָּל־עֲבָדַי
הַנְּבִאִים ׀ הַשְׁכֵּים וְשָׁלֹחַ ׀ לֵאמֹר שֻׁבוּ־נָא אִישׁ מִדַּרְכּוֹ
הָרָעָה וְהֵיטִיבוּ מַעַלְלֵיכֶם וְאַל־תֵּלְכוּ אַחֲרֵי אֱלֹהִים
אֲחֵרִים לְעָבְדָם וּשְׁבוּ אֶל־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר־נָתַתִּי לָכֶם
וְלַאֲבֹתֵיכֶם וְלֹא הִטִּיתֶם אֶת־אָזְנְכֶם וְלֹא שְׁמַעְתֶּם אֵלָי׃
טז כִּי הֵקִימוּ בְּנֵי יְהוֹנָדָב בֶּן־רֵכָב אֶת־מִצְוַת אֲבִיהֶם אֲשֶׁר
יז צִוָּם וְהָעָם הַזֶּה לֹא שָׁמְעוּ אֵלָי׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה
אֱלֹהֵי צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הִנְנִי מֵבִיא אֶל־יְהוּדָה וְאֶל
כָּל־יוֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלַםִ אֵת כָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי עֲלֵיהֶם
יַעַן דִּבַּרְתִּי אֲלֵיהֶם וְלֹא שָׁמֵעוּ וָאֶקְרָא לָהֶם וְלֹא עָנוּ׃
יח וּלְבֵית הָרֵכָבִים אָמַר יִרְמְיָהוּ כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל יַעַן אֲשֶׁר שְׁמַעְתֶּם עַל־מִצְוַת יְהוֹנָדָב אֲבִיכֶם
וַתִּשְׁמְרוּ אֶת־כָּל־מִצְוֹתָיו וַתַּעֲשׂוּ כְּכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה אֶתְכֶם׃
יט לָכֵן כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל לֹא־יִכָּרֵת אִישׁ
לְיוֹנָדָב בֶּן־רֵכָב עֹמֵד לְפָנַי כָּל־הַיָּמִים׃

לו

א וַיְהִי בַּשָּׁנָה הָרְבִעִת לִיהוֹיָקִים בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה
ב הָיָה הַדָּבָר הַזֶּה אֶל־יִרְמְיָהוּ מֵאֵת יְהוָה לֵאמֹר׃ קַח־לְךָ
מְגִלַּת־סֵפֶר וְכָתַבְתָּ אֵלֶיהָ אֵת כָּל־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי

לה, טו׳ כ״א ל׳

געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס אונדזער פֿאָטער יוֹנָדָב האָט
אונדז באַפֿוילן. 11 און עס איז געווען, אַז נבוּכַדרֶאצַר דער
מלך פֿון בָּבֶל איז אַרויפֿגעקומען אויפֿן לאַנד, האָבן מיר
געזאָגט: קומט, און לאָמיר אַריינגיין אין ירושָלַיִם פֿון וועגן
דעם חיל פֿון די כַּשׂדים, און פֿון וועגן דעם חיל פֿון אֲרָם;
און מיר האָבן זיך באַזעצט אין ירושָלַיִם.

12 איז דאָס וואָרט פֿון גאָט געוועזן צו יִרמיָהוּן, אַזוי
צו זאָגן: 13 אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת, דער גאָט
פֿון ישׂראל: גיי, און זאָלסט זאָגן צו די מענער פֿון יהודה,
און צו די באַוווינער פֿון ירושָלַיִם: ווילט איר ניט אַ מוסר
אַראָפּנעמען צוצוהערן צו מיינע ווערטער? זאָגט גאָט.
14 געהאַלטן ווערן די ווערטער פֿון יהוֹנָדָב דעם זון פֿון
רֵכָבן, וואָס האָט באַפֿוילן זיינע קינדער ניט צו טרינקען
קיין וויין, און זיי טרינקען ניט ביז אויף היינטיקן טאָג, ווייל
זיי געהאָרכן דעם באַפֿעל פֿון זייער פֿאָטער, און איך האָב
גערעדט צו אײַך, נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד גערעדט, און
איר האָט ניט צוגעהערט צו מיר. 15 און איך האָב געשיקט
צו אײַך אַלע מיינע קנעכט די נביאים, נאָכאַנאַנד און נאָכ־
אַנאַנד געשיקט, אַזוי צו זאָגן: קערט אײַך אום איטלעכער
פֿון זיין שלעכטן וועג, און בעסערט אייערע מעשׂים, און
איר זאָלט ניט גיין נאָך פֿרעמדע געטער זיי צו דינען, און
בלייבט זיצן אויף דער ערד וואָס איך האָב געגעבן אײַך
און אייערע עלטערן; אָבער איר האָט ניט צוגענייגט אייער
אויער, און ניט צוגעהערט צו מיר. 16 איז, ווייל די קינדער
פֿון יהוֹנָדָב דעם זון פֿון רֵכָבן האָבן מקיים געווען דעם
באַפֿעל פֿון זייער פֿאָטער, וואָס ער האָט זיי באַפֿוילן,
און דאָסדאָזיקע פֿאָלק האָט ניט צוגעהערט צו מיר,
17 דרום האָט אַזוי געזאָגט יהוה דער גאָט פֿון צבָאוֹת, דער גאָט פֿון ישׂראל:

זע, איך ברענג אויף יהודה
און אויף אַלע באַוווינער פֿון ירושָלַיִם
דאָס גאַנצע בייז וואָס איך האָב אָנגעזאָגט אויף זיי;
ווייל איך האָב גערעדט צו זיי,
און זיי האָבן ניט צוגעהערט,
און איך האָב גערופֿן צו זיי
און זיי האָבן זיך ניט אָפּגערופֿן.

18 און צו דעם הויז פֿון די רֵכָבים האָט יִרמיָהוּ געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת, דער גאָט פֿון ישׂראל:
ווייל איר האָט צוגעהערט צו דעם באַפֿעל פֿון יהוֹנָדָב אייער פֿאָטער, און איר האָט אָפּגעהיט אַלע זיינע באַפֿעלן, און
איר האָט געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס ער האָט אײַך באַפֿוילן, 19 דרום האָט אַזוי געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת, דער גאָט פֿון
ישׂראל: עס וועט ניט פֿאַרשניטן ווערן פֿון יוֹנָדָב דעם זון פֿון רֵכָבן אַ מאַן צו שטיין פֿאַר מיר אַלע טעג.

לו 1 און עס איז געווען אין פֿירטן יאָר פֿון יהוֹיָקים דעם זון פֿון יֹאשִיָהון, דעם מלך פֿון יהודה, איז געווען דאָסדאָזיקע
וואָרט צו יִרמיָהון פֿון גאָט, אַזוי צו זאָגן: 2 נעם דיר אַ מגילה, און זאָלסט אָנשרייבן אויף איר אַלע ווערטער וואָס

אֵלֶיךָ עַל־יִשְׂרָאֵל וְעַל־יְהוּדָה וְעַל־כָּל־הַגּוֹיִם מִיּוֹם דִּבַּרְתִּי
ג אֵלֶיךָ מִימֵי יֹאשִׁיָּהוּ וְעַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ אוּלַי יִשְׁמְעוּ בֵּית
יְהוּדָה אֵת כָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר אָנֹכִי חֹשֵׁב לַעֲשׂוֹת לָהֶם
לְמַעַן יָשׁוּבוּ אִישׁ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה וְסָלַחְתִּי לַעֲוֺנָם
ד וּלְחַטָּאתָם׃ וַיִּקְרָא יִרְמְיָהוּ אֶת־בָּרוּךְ בֶּן־נֵרִיָּה
וַיִּכְתֹּב בָּרוּךְ מִפִּי יִרְמְיָהוּ אֵת כָּל־דִּבְרֵי יְהוָה אֲשֶׁר־דִּבֶּר
ה אֵלָיו עַל־מְגִלַּת־סֵפֶר׃ וַיְצַוֶּה יִרְמְיָהוּ אֶת־בָּרוּךְ לֵאמֹר
ו אֲנִי עָצוּר לֹא אוּכַל לָבוֹא בֵּית יְהוָה׃ וּבָאתָ אַתָּה וְקָרָאתָ
בַמְּגִלָּה אֲשֶׁר־כָּתַבְתָּ מִפִּי אֶת־דִּבְרֵי יְהוָה בְּאָזְנֵי הָעָם
בֵּית יְהוָה בְּיוֹם צוֹם וְגַם בְּאָזְנֵי כָל־יְהוּדָה הַבָּאִים
ז מֵעָרֵיהֶם תִּקְרָאֵם׃ אוּלַי תִּפֹּל תְּחִנָּתָם לִפְנֵי יְהוָה וְיָשֻׁבוּ
אִישׁ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה כִּי־גָדוֹל הָאַף וְהַחֵמָה אֲשֶׁר־דִּבֶּר
ח יְהוָה אֶל־הָעָם הַזֶּה׃ וַיַּעַשׂ בָּרוּךְ בֶּן־נֵרִיָּה כְּכֹל אֲשֶׁר־
צִוָּהוּ יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא לִקְרֹא בַסֵּפֶר דִּבְרֵי יְהוָה בֵּית
ט יְהוָה׃ וַיְהִי בַשָּׁנָה הַחֲמִשִׁית לִיהוֹיָקִים בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ
מֶלֶךְ־יְהוּדָה בַּחֹדֶשׁ הַתְּשִׁעִי קָרְאוּ צוֹם לִפְנֵי יְהוָה כָּל־
הָעָם בִּירוּשָׁלִָם וְכָל־הָעָם הַבָּאִים מֵעָרֵי יְהוּדָה בִּירוּשָׁלִָם׃
י וַיִּקְרָא בָרוּךְ בַּסֵּפֶר אֶת־דִּבְרֵי יִרְמְיָהוּ בֵּית יְהוָה בְּלִשְׁכַּת
גְּמַרְיָהוּ בֶן־שָׁפָן הַסֹּפֵר בֶּחָצֵר הָעֶלְיוֹן פֶּתַח שַׁעַר בֵּית־
יא יְהוָה הֶחָדָשׁ בְּאָזְנֵי כָּל־הָעָם׃ וַיִּשְׁמַע מִכָיְהוּ בֶן־גְּמַרְיָהוּ
יב בֶן־שָׁפָן אֶת־כָּל־דִּבְרֵי יְהוָה מֵעַל־הַסֵּפֶר׃ וַיֵּרֶד בֵּית־
הַמֶּלֶךְ עַל־לִשְׁכַּת הַסֹּפֵר וְהִנֵּה־שָׁם כָּל־הַשָּׂרִים יוֹשְׁבִים
אֱלִישָׁמָע הַסֹּפֵר וּדְלָיָהוּ בֶן־שְׁמַעְיָהוּ וְאֶלְנָתָן בֶּן־עַכְבּוֹר
יג וּגְמַרְיָהוּ בֶן־שָׁפָן וְצִדְקִיָּהוּ בֶן־חֲנַנְיָהוּ וְכָל־הַשָּׂרִים׃ וַיַּגֵּד
לָהֶם מִכָיְהוּ אֵת כָּל־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר שָׁמֵעַ בִּקְרֹא בָרוּךְ
יד בַּסֵּפֶר בְּאָזְנֵי הָעָם׃ וַיִּשְׁלְחוּ כָל־הַשָּׂרִים אֶל־בָּרוּךְ אֶת־
יְהוּדִי בֶּן־נְתַנְיָהוּ בֶּן־שֶׁלֶמְיָהוּ בֶן־כּוּשִׁי לֵאמֹר הַמְּגִלָּה
אֲשֶׁר קָרָאתָ בָּהּ בְּאָזְנֵי הָעָם קָחֶנָּה בְיָדְךָ וָלֵךְ וַיִּקַּח

איך האָב גערעדט צו דיר אויף ישׂראל, און אויף יהודה, און אויף אַלע פעלקער, פון דעם טאָג וואָס איך רעד צו דיר, פון די טעג פון יאשִׁיָהון און ביז אויף היינטיקן טאָג. 3 אפשר וועט דאָס הויז פון יהודה הערן דאָס גאַנצע בייז וואָס איך טראַכט זיי צו טאָן; כּדי זיי זאָלן זיך אומקערן איטלעכער פון זיין שלעכטן וועג, און איך זאָל פאַרגעבן זייער פאַרברעך און זייער זינד.

4 האָט יִרמיָהו גערופן בָּרוך דעם זון פון נֵריָהן, און בָּרוך האָט אויפגעשריבן פון יִרמיָהוס מויל אַלע ווערטער פון גאָט, וואָס ער האָט צו אים גערעדט, אויף אַ מגילה. 5 און יִרמיָהו האָט באַפוילן בָּרוכן, אַזוי צו זאָגן: איך בין פאַרהאַלטן, איך קען ניט קומען אין הויז פון גאָט; 6 דרום זאָלסט דו גיין, און לייענען פון דער מגילה וואָס דו האָסט אויפגעשריבן פון מיין מויל, די ווערטער פון גאָט, אין די אויערן פון פאָלק, אין הויז פון גאָט אין אַ פאַסטטאָג; און אויך אין די אויערן פון גאַנץ יהודה וואָס קומען פון זייערע שטעט, זאָלסטו זיי לייענען. 7 אפשר וועט פאַלן זייער געבעט פאַר גאָט, און זיי וועלן זיך אומקערן איטלעכער פון זיין שלעכטן וועג; וואָרום גרויס איז דער כּעס און דער גרימצאָרן וואָס גאָט האָט גערעדט אויף דעמדאָזיקן פאָלק.

8 האָט בָּרוך דער זון פון נֵריָהן געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס יִרמיָהו הנביא האָט אים באַפוילן—צו לייענען פון דעם בוך די ווערטער פון גאָט אין גאָטס הויז.

9 און עס איז געווען אין פינפטן יאָר פון יהויָקים דעם זון פון יאשִׁיָהון, דעם מלך פון יהודה, אין ניינטן חודש, האָבן אויסגערופן אַ תּענית פאַר גאָט דאָס גאַנצע פאָלק אין ירושָלַיִם, און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס איז געקומען פון די שטעט פון יהודה אין ירושָלַיִם. 10 און בָּרוך האָט געלייענט פון דעם בוך די ווערטער פון יִרמיָהון אין הויז פון גאָט, אין דער קאַמערפון גמַריָהו דעם זון פון שָפָן דעם שרייבער, אין דעם אויבערשטן הויף, אין אַיינגאַנג פון דעם נייעם טויער פון גאָטס הויז, אין די אויערן פון גאַנצן פאָלק. 11 האָט מיכָיהו דער זון פון גמַריָהו דעם זון פון שָפָנען געהערט פון בוך אַלע ווערטער פון גאָט, 12 און ער האָט אַראָפּגענידערט צום הויז פון מלך, אין דעם שרייבערס קאַמער; ערשט דאָרטן זיצן אַלע האַרן, אֱלישָמָע דער שרייבער, און דלָיָהו דער זון פון שמַעיָהון, און אֶלנָתָן דער זון פון עַכבּורן, און גמַריָהו דער זון פון שָפָנען, און צדקיָהו דער זון פון חֲנַניָהון, און אַלע האַרן. 13 האָט זיי מיכָיהו דערציילט אַלע ווערטער וואָס ער האָט געהערט, ווען בָּרוך האָט געלייענט פון בוך אין די אויערן פון פאָלק. 14 און אַלע האַרן האָבן געשיקט צו בָּרוכן יהודי דעם זון פון נתַניָהו דעם זון פון שֶׁלֶמיָהו דעם זון פון כושין, אַזוי צו זאָגן: די מגילה וואָס דו האָסט פון איר געלייענט אין די אויערן פון פאָלק, נעם זי אין דיין האַנט, און קום אַהער. האָט בָּרוך דער זון פון

טו בָּרוּךְ בֶּן־נֵרִיָּהוּ אֶת־הַמְּגִלָּה בְּיָדוֹ וַיָּבֹא אֲלֵיהֶם: וַיֹּאמְרוּ
אֵלָיו שֵׁב נָא וּקְרָאֶנָּה בְּאָזְנֵינוּ וַיִּקְרָא בָרוּךְ בְּאָזְנֵיהֶם:
טז וַיְהִי כְּשָׁמְעָם אֶת־כָּל־הַדְּבָרִים פָּחֲדוּ אִישׁ אֶל־רֵעֵהוּ
וַיֹּאמְרוּ אֶל־בָּרוּךְ הַגֵּיד נַגִּיד לַמֶּלֶךְ אֵת כָּל־הַדְּבָרִים
יז הָאֵלֶּה: וְאֶת־בָּרוּךְ שָׁאֲלוּ לֵאמֹר הַגֶּד־נָא לָנוּ אֵיךְ כָּתַבְתָּ
יח אֶת־כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה מִפִּיו: וַיֹּאמֶר לָהֶם בָּרוּךְ מִפִּיו
יִקְרָא אֵלַי אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַאֲנִי כֹּתֵב עַל־הַסֵּפֶר
יט בַּדְּיוֹ: וַיֹּאמְרוּ הַשָּׂרִים אֶל־בָּרוּךְ לֵךְ הִסָּתֵר אַתָּה
כ וְיִרְמְיָהוּ וְאִישׁ אַל־יֵדַע אֵיפֹה אַתֶּם: וַיָּבֹאוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ
חָצֵרָה וְאֶת־הַמְּגִלָּה הִפְקִדוּ בְּלִשְׁכַּת אֱלִישָׁמָע הַסֹּפֵר
כא וַיַּגִּידוּ בְּאָזְנֵי הַמֶּלֶךְ אֵת כָּל־הַדְּבָרִים: וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ
אֶת־יְהוּדִי לָקַחַת אֶת־הַמְּגִלָּה וַיִּקָּחֶהָ מִלִּשְׁכַּת אֱלִישָׁמָע
הַסֹּפֵר וַיִּקְרָאֶהָ יְהוּדִי בְּאָזְנֵי הַמֶּלֶךְ וּבְאָזְנֵי כָּל־הַשָּׂרִים
כב הָעֹמְדִים מֵעַל הַמֶּלֶךְ: וְהַמֶּלֶךְ יוֹשֵׁב בֵּית הַחֹרֶף בַּחֹדֶשׁ
כג הַתְּשִׁיעִי וְאֶת־הָאָח לְפָנָיו מְבֹעָרֶת: וַיְהִי | כִּקְרוֹא יְהוּדִי
שָׁלֹשׁ דְּלָתוֹת וְאַרְבָּעָה יִקְרָעֶהָ בְּתַעַר הַסֹּפֵר וְהַשְׁלֵךְ
אֶל־הָאֵשׁ אֲשֶׁר אֶל־הָאָח עַד־תֹּם כָּל־הַמְּגִלָּה עַל־הָאֵשׁ
כד אֲשֶׁר עַל־הָאָח: וְלֹא פָחֲדוּ וְלֹא קָרְעוּ אֶת־בִּגְדֵיהֶם
הַמֶּלֶךְ וְכָל־עֲבָדָיו הַשֹּׁמְעִים אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה:
כה וְגַם אֶלְנָתָן וּדְלָיָהוּ וּגְמַרְיָהוּ הִפְגִּעוּ בַמֶּלֶךְ לְבִלְתִּי שְׂרֹף
כו אֶת־הַמְּגִלָּה וְלֹא שָׁמַע אֲלֵיהֶם: וַיְצַוֶּה הַמֶּלֶךְ אֶת־
יְרַחְמְאֵל בֶּן־הַמֶּלֶךְ וְאֶת־שְׂרָיָהוּ בֶן־עַזְרִיאֵל וְאֶת־שֶׁלֶמְיָהוּ
בֶּן־עַבְדְּאֵל לָקַחַת אֶת־בָּרוּךְ הַסֹּפֵר וְאֵת יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא
כז וַיַּסְתִּרֵם יְהוָה: וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֶל־יִרְמְיָהוּ אַחֲרֵי |
שְׂרֹף הַמֶּלֶךְ אֶת־הַמְּגִלָּה וְאֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר כָּתַב
כח בָּרוּךְ מִפִּי יִרְמְיָהוּ לֵאמֹר: שׁוּב קַח־לְךָ מְגִלָּה אַחֶרֶת
וּכְתֹב עָלֶיהָ אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָרִאשֹׁנִים אֲשֶׁר הָיוּ עַל־
הַמְּגִלָּה הָרִאשֹׁנָה אֲשֶׁר שָׂרַף יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ־יְהוּדָה:

נֵריָהן גענומען די מגילה אין זיין האַנט, און איז געקומען צו
זיי. [15] האָבן זיי געזאָגט צו אים: זעץ זיך אַקאָרשט, און
לייען זי אין אונדזערע אויערן; און בָּרוך האָט געלייענט
אין זייערע אויערן. [16] און עס איז געווען, ווי זיי האָבן
געהערט אַלע ווערטער, אַזוי האָבן זיי אײנער דעם
אַנדערן אָנגעקוקט אין אַנגסט, און זיי האָבן געזאָגט צו
בָּרוכן: דערציילן מוזן מיר דערציילן דעם מלך אַלע די־
דאָזיקע ווערטער. [17] און בָּרוכן האָבן זיי געפרעגט, אַזוי
צו זאָגן: זאָג אונדז אַקאָרשט, ווי אַזוי האָסטו אויפגעשריבן
די אַלע ווערטער פון זיין מויל? [18] האָט בָּרוך צו זיי
געזאָגט: ער פלעגט אויסרופן צו מיר מיט זיין מויל אַלע
די־דאָזיקע ווערטער, און איך פלעג אויפשרייבן אויפן
בוך מיט טינט. [19] האָבן די האַרן געזאָגט צו בָּרוכן: גיי
באַהאַלט זיך, דו, און יִרמְיָהו, און קיינער זאָל ניט וויסן
וווּ איר זייט. [20] און זיי זיינען געגאַנגען צום מלך אין הויף;
און די מגילה האָבן זיי אַוועקגעלייגט אין דער קאַמער
פון אֶלישָמָע דעם שרייבער; און זיי האָבן דערציילט אין
די אויערן פון מלך אַלע ווערטער. [21] האָט דער מלך
געשיקט יהודין צו ברענגען די מגילה, און ער האָט זי
געבראַכט פון דער קאַמער פון אֶלישָמָע דעם שרייבער;
און יהודי האָט זי געלייענט אין די אויערן פון מלך, און
אין די אויערן פון די האַרן וואָס זיינען געשטאַנען לעבן
מלך. [22] און דער מלך איז געזעסן אין דעם ווינטערהויז–דאָס איז געווען אין ניינטן חודש–און דער פייערטאָפּ איז
געווען אָנגעצונדן פאַר אים. [23] איז ווי יהודי האָט אָפּגעלייענט דריי עַמודים אָדער פיר, אַזוי האָט ער עס אָפּ־
געשניטן מיטן שרייבערמעסער, און אַרויפגעוואָרפן אויפן פייער וואָס אין פייערטאָפּ, ביז די גאַנצע מגילה איז פאַר־
לענדט געוואָרן אויף דעם פייער וואָס אין פייערטאָפּ. [24] און זיי האָבן זיך ניט דערשראָקן, און ניט צעריסן זייערע
קליידער, דער מלך און אַלע זיינע קנעכט וואָס האָבן געהערט אַלע די־דאָזיקע ווערטער. [25] און הגם אֶלנָתָן און דלָיָהו
און גמַריָהו האָבן זיך געבעטן ביים מלך ניט צו פאַרברענען די מגילה, האָט ער דאָך ניט צוגעהערט צו זיי. [26] און דער
מלך האָט באַפוילן ירַחמְאֵל דעם זון פון מלך, און שׂרָיָהו דעם זון פון עַזריאֵלן, און שֶלֶמיָהו דעם זון פון עַבדְאֵלן, צו
ברענגען בָּרוך דעם שרייבער און יִרמְיָהו הנביא, אָבער גאָט האָט זיי באַהאַלטן.

[27] און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו יִרמְיָהון, נאָכדעם ווי דער מלך האָט פאַרברענט די מגילה מיט די ווערטער
וואָס בָּרוך האָט אויפגעשריבן פון יִרמְיָהוס מויל–אַזוי צו זאָגן: [28] נעם דיר ווידער אַן אַנדער מגילה, און שרייב אָן אויף
איר אַלע פריערדיקע ווערטער וואָס זיינען געווען אויף דער ערשטער מגילה, וואָס יהוֹיָקים דער מלך פון יהודה האָט

וְעַל־יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ־יְהוּדָה תֹּאמַר כֹּה אָמַר יְהוָה אַתָּה כט
שָׂרַפְתָּ אֶת־הַמְּגִלָּה הַזֹּאת לֵאמֹר מַדּוּעַ כָּתַבְתָּ עָלֶיהָ
לֵאמֹר בֹּא־יָבוֹא מֶלֶךְ־בָּבֶל וְהִשְׁחִית אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת
וְהִשְׁבִּית מִמֶּנָּה אָדָם וּבְהֵמָה׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה ל
עַל־יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ יְהוּדָה לֹא־יִהְיֶה־לּוֹ יוֹשֵׁב עַל־כִּסֵּא
דָוִד וְנִבְלָתוֹ תִּהְיֶה מֻשְׁלֶכֶת לַחֹרֶב בַּיּוֹם וְלַקֶּרַח בַּלָּיְלָה׃
וּפָקַדְתִּי עָלָיו וְעַל־זַרְעוֹ וְעַל־עֲבָדָיו אֶת־עֲוֺנָם וְהֵבֵאתִי לא
עֲלֵיהֶם וְעַל־יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלַ͏ִם וְאֶל־אִישׁ יְהוּדָה אֵת כָּל־
הָרָעָה אֲשֶׁר־דִּבַּרְתִּי אֲלֵיהֶם וְלֹא שָׁמֵעוּ׃ וְיִרְמְיָהוּ לב
לָקַח ׀ מְגִלָּה אַחֶרֶת וַיִּתְּנָהּ אֶל־בָּרוּךְ בֶּן־נֵרִיָּהוּ הַסֹּפֵר
וַיִּכְתֹּב עָלֶיהָ מִפִּי יִרְמְיָהוּ אֵת כָּל־דִּבְרֵי הַסֵּפֶר אֲשֶׁר
שָׂרַף יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ־יְהוּדָה בָּאֵשׁ וְעוֹד נוֹסַף עֲלֵיהֶם דְּבָרִים
רַבִּים כָּהֵמָּה׃

## לז

וַיִּמְלָךְ־מֶלֶךְ צִדְקִיָּהוּ בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ תַּחַת כָּנְיָהוּ בֶּן־יְהוֹיָקִים א
אֲשֶׁר הִמְלִיךְ נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל בְּאֶרֶץ יְהוּדָה׃ וְלֹא ב
שָׁמַע הוּא וַעֲבָדָיו וְעַם הָאָרֶץ אֶל־דִּבְרֵי יְהוָה אֲשֶׁר
דִּבֶּר בְּיַד יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא׃ וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ צִדְקִיָּהוּ אֶת־ ג
יְהוּכַל בֶּן־שֶׁלֶמְיָה וְאֶת־צְפַנְיָהוּ בֶן־מַעֲשֵׂיָה הַכֹּהֵן אֶל־
יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא לֵאמֹר הִתְפַּלֶּל־נָא בַעֲדֵנוּ אֶל־יְהוָה
אֱלֹהֵינוּ׃ וְיִרְמְיָהוּ בָּא וְיֹצֵא בְּתוֹךְ הָעָם וְלֹא־נָתְנוּ אֹתוֹ ד
בֵּית הַכְּלִיא׃ וְחֵיל פַּרְעֹה יָצָא מִמִּצְרָיִם וַיִּשְׁמְעוּ ה
הַכַּשְׂדִּים הַצָּרִים עַל־יְרוּשָׁלַ͏ִם אֶת־שִׁמְעָם וַיֵּעָלוּ מֵעַל
יְרוּשָׁלָ͏ִם׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה אֶל־יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא ו
לֵאמֹר׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כֹּה תֹאמְרוּ אֶל־ ז
מֶלֶךְ יְהוּדָה הַשֹּׁלֵחַ אֶתְכֶם אֵלַי לְדָרְשֵׁנִי הִנֵּה ׀ חֵיל
פַּרְעֹה הַיֹּצֵא לָכֶם לְעֶזְרָה שָׁב לְאַרְצוֹ מִצְרָיִם׃ וְשָׁבוּ ח

לז, ד׳ הכלא קרי

פאַרבּרענט. 29 און אויף יהוֹיָקים דעם מלך פון יהודה זאָלסטו זאָגן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: דו האָסט פאַרבּרענט דידאָזיקע מגילה, אַזוי צו זאָגן: אַלמאַי האָסטו געשריבּן אויף איר, אַזוי צו זאָגן: קומען וועט קומען דער מלך פון בָּבל, און ער וועט צעשטערן דאָסדאָזיקע לאַנד, און וועט פאַרטיליקן פון איר מענטשן און בּהמות? 30 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט אויף יהוֹיָקים דעם מלך פון יהודה:

קיינער פון אים וועט ניט זיצן אויפן טראָן פון דוד,
און זיין טויטער לייב וועט זיך וואַלגערן
אויף דער היץ בּייטאָג, און אויף דער קעלט בּיינאַכט.
31 און איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט אים,
און מיט זיין זאָמען,
און מיט זיינע קנעכט, פאַר זייערע זינד,
און איך וועל בּרענגען אויף זיי,
און אויף די בּאַוווינער פון ירושָלַיִם,
און אויף די מענער פון יהודה,
דאָס גאַנצע בּייז וואָס איך האָב אָנגעזאָגט אויף זיי,
און זיי האָבן ניט צוגעהערט.

32 און יִרמיָהו האָט גענומען אַן אַנדער מגילה, און האָט זי געגעבּן צו בָּרוך דעם זון פון נֵרִיָהון, דעם שרייבּער, און ער האָט אויפגעשריבּן אויף איר פון יִרמיָהוס מויל אַלע ווערטער פון דעם בּוך וואָס יהוֹיָקים דער מלך פון יהודה האָט פאַרבּרענט אין פייער; און צו זיי זיינען צו־געלייגט געוואָרן נאָך פיל ווערטער אַזוי ווי זיי.

## לז

1 און צִדקִיָהו דער זון פון יֹאשִיָהון איז געוואָרן מלך אויף דעם אָרט פון כָּנְיָהו דעם זון פון יהוֹיָקימען, וואָס נבוכַדרֶאצַר דער מלך פון בָּבל האָט נעמאַכט פאַר אַ מלך אין לאַנד יהודה. 2 און ער און זיינע קנעכט און דאָס גאַנצע פאָלק פון לאַנד האָבן ניט צוגעהערט צו די ווערטער פון גאָט, וואָס ער האָט גערעדט דורך יִרמיָהו הנביא.

3 און דער מלך צִדקִיָהו האָט געשיקט יהוּכַל דעם זון פון שֶלֶמיָהן, און צפַנִיָהו דעם זון פון מַעֲשֵׂיָהן, דעם כֹּהן, צו יִרמיָהו הנביא, אַזוי צו זאָגן: זיי, איך בּעט דיך, מתפלל פאַר אונדז צו יהוה אונדזער גאָט. 4 און יִרמיָהו פלעגט קומען און גיין צווישן פאָלק, וואָרום מע האָט אים נאָך ניט געהאַט אַריינגעגעבּן אין תּפיסה. 5 און דער חיל פון פַּרעהן איז אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם; און די כַּשדים וואָס האָבן געלעגערט אויף ירושָלַיִם, האָבן געהערט די הערונג וועגן זיי, און האָבן אָפּגעצויגן פון ירושָלַיִם. 6 איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו יִרמיָהו הנביא, אַזוי צו זאָגן: 7 אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל: אַזוי זאָלט איר זאָגן צו דעם מלך פון יהודה וואָס שיקט אײַך צו מיר מיך צו פרעגן: זע, דער חיל פון פַּרעהן וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אײַך צו הילף, קערט זיך אום צו זיין לאַנד, מִצרַיִם. 8 און די כַּשׂדים

װעלן זיך אומקערן, און װעלן מלחמה האַלטן אויף דער־דאָזיקער שטאָט, און זיי װעלן זי באַצװינגען, און װעלן זי פאַרברענען אין פייער. [9] אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איר זאָלט אײַך ניט אײַנרעדן, אַזוי צו זאָגן: אַװעקגיין װעלן אַװעקגיין פון אונדז די כַּשׂדים; װאָרום זיי װעלן ניט אַװעקגיין. [10] װאָרום אַז איר זאָלט שלאָגן דעם גאַנצן חיל פון די כַּשׂדים װאָס האַלטן מלחמה אויף אײַך, און עטלעכע געשטאָכענע זאָלן בלײַבן פון זיי, װעלן זיי אויפשטיין איטלעכער אין זײַן געצעלט, און װעלן פאַרברענען די־דאָזיקע שטאָט אין פייער.

[11] און עס איז געװען, אַז דער חיל פון די כַּשׂדים האָט אָפּגעצויגן פון ירושָלַיִם פאַר דעם חיל פון פַּרעהן, [12] איז יִרמיָהו אַרויסגעגאַנגען פון ירושָלַיִם צו גיין קיין לאַנד בנימין, כּדי צו קריגן דאָרטן זײַן חלק ירושה צװישן דעם פאָלק. [13] איז, װי ער איז געװען אין טויער פון בנימין, איז דאָרטן געװען דער הויפּטמאַן פון דער װאַך, װאָס זײַן נאָמען איז געװען יִראִיָה דער זון פון שֶׁלֶמיָה דעם זון פון חֲנַניָהן; האָט ער אָנגעכאַפּט יִרמיָהו הנביאן, אַזוי צו זאָגן: צו די כַּשׂדים װילסטו צופאַלן. [14] האָט יִרמיָהו געזאָגט: אַ ליגן! איך װיל ניט צופאַלן צו די כַּשׂדים. אָבער ער האָט ניט צוגעהערט צו אים, און יִראִיָה האָט אָנגעכאַפּט יִרמיָהון, און האָט אים געבראַכט צו די האַרן. [15] און די האַרן האָבן געצערנט אויף יִרמיָהון, און האָבן אים געשלאָגן, און אים אַרײַנגעגעבן אין געפענקעניש, אין הויז פון יהוֹנָתָן דעם שרײַבער; װאָרום דאָס האָט מען געמאַכט פאַר אַ תּפיסה.

[16] אַז יִרמיָהו איז געקומען אין געפענקעניש און אין די געװעלבן, און יִרמיָהו איז דאָרטן אָפּגעזעסן פיל טעג, [17] האָט דער מלך צִדקִיָהו געשיקט, און האָט אים אַרויסגענומען; און דער מלך האָט אים געפרעגט בײַ זיך אין הויז, אין פאַרבאָרגעניש, און האָט געזאָגט: פאַראַן אַ װאָרט פון גאָט? האָט יִרמיָהו געזאָגט: פאַראַן; און ער האָט געזאָגט: אין דער האַנט פון דעם מלך פון בָּבל װעסטו איבערגעגעבן װערן. [18] און יִרמיָהו האָט געזאָגט צום מלך צִדקִיָהון: װאָס האָב איך געזינדיקט קעגן דיר, און קעגן דײַנע קנעכט, און קעגן דעמדאָזיקן פאָלק, װאָס איר האָט מיך אַרײַנגעגעבן אין תּפיסה? [19] און אַװוּ זײַנען אײַערע נביאים װאָס האָבן אײַך נביאות געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: דער מלך פון בָּבל װעט ניט קומען אויף אײַך און אויף דעמדאָזיקן לאַנד? [20] און אַצונד, הער צו, איך בעט דיך, מײַן האַר קיניג; זאָל, איך בעט דיך, פאַלן מײַן געבעט פאַר דיר, און זאָלסט מיך ניט אומקערן אין הויז פון יהוֹנָתָן דעם שרײַבער, און לאָמיך ניט שטאַרבן דאָרטן. [21] האָט דער מלך צִדקִיָהו באַפוילן, און מע האָט אַרײַנגעזעצט יִרמיָהון אין הויף פון דער װאַך, און מע האָט אים געגעבן אַ לאַבן ברויט אַ טאָג פון דער בעקערגאַס ביז דאָס גאַנצע ברויט איז אויסגעגאַנגען פון דער שטאָט. אַזוי איז יִרמיָהו געזעסן אין הויף פון דער װאַך.

הַכַּשְׂדִּים וְנִלְחֲמוּ עַל־הָעִיר הַזֹּאת וּלְכָדֻהָ וּשְׂרָפֻהָ בָאֵשׁ׃
ט כֹּה אָמַר יְהוָה אַל־תַּשִּׁאוּ נַפְשֹׁתֵיכֶם לֵאמֹר הָלֹךְ
י יֵלְכוּ מֵעָלֵינוּ הַכַּשְׂדִּים כִּי־לֹא יֵלֵכוּ׃ כִּי אִם־הִכִּיתֶם כָּל־
חֵיל כַּשְׂדִּים הַנִּלְחָמִים אִתְּכֶם וְנִשְׁאֲרוּ־בָם אֲנָשִׁים
מְדֻקָּרִים אִישׁ בְּאָהֳלוֹ יָקוּמוּ וְשָׂרְפוּ אֶת־הָעִיר הַזֹּאת
יא בָּאֵשׁ׃ וְהָיָה בְּהֵעָלוֹת חֵיל הַכַּשְׂדִּים מֵעַל יְרוּשָׁלָ͏ִם מִפְּנֵי
יב חֵיל פַּרְעֹה׃ וַיֵּצֵא יִרְמְיָהוּ מִירוּשָׁלַ͏ִם לָלֶכֶת אֶרֶץ
יג בִּנְיָמִן לַחֲלִק מִשָּׁם בְּתוֹךְ הָעָם׃ וַיְהִי־הוּא בְּשַׁעַר בִּנְיָמִן
וְשָׁם בַּעַל פְּקִדֻת וּשְׁמוֹ יִרְאִיָּיה בֶּן־שֶׁלֶמְיָה בֶּן־חֲנַנְיָה
וַיִּתְפֹּשׂ אֶת־יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא לֵאמֹר אֶל־הַכַּשְׂדִּים אַתָּה
יד נֹפֵל׃ וַיֹּאמֶר יִרְמְיָהוּ שֶׁקֶר אֵינֶנִּי נֹפֵל עַל־הַכַּשְׂדִּים וְלֹא
שָׁמַע אֵלָיו וַיִּתְפֹּשׂ יִרְאִיָּיה בְּיִרְמְיָהוּ וַיְבִאֵהוּ אֶל־הַשָּׂרִים׃
טו וַיִּקְצְפוּ הַשָּׂרִים עַל־יִרְמְיָהוּ וְהִכּוּ אֹתוֹ וְנָתְנוּ אוֹתוֹ בֵּית
הָאֵסוּר בֵּית יְהוֹנָתָן הַסֹּפֵר כִּי־אֹתוֹ עָשׂוּ לְבֵית הַכֶּלֶא׃
טז כִּי בָא יִרְמְיָהוּ אֶל־בֵּית הַבּוֹר וְאֶל־הַחֲנֻיוֹת וַיֵּשֶׁב־שָׁם
יז יִרְמְיָהוּ יָמִים רַבִּים׃ וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ צִדְקִיָּהוּ וַיִּקָּחֵהוּ
וַיִּשְׁאָלֵהוּ הַמֶּלֶךְ בְּבֵיתוֹ בַּסֵּתֶר וַיֹּאמֶר הֲיֵשׁ דָּבָר מֵאֵת
יְהוָה וַיֹּאמֶר יִרְמְיָהוּ יֵשׁ וַיֹּאמֶר בְּיַד מֶלֶךְ־בָּבֶל תִּנָּתֵן׃
יח וַיֹּאמֶר יִרְמְיָהוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ צִדְקִיָּהוּ מֶה חָטָאתִי לְךָ
וְלַעֲבָדֶיךָ וְלָעָם הַזֶּה כִּי־נְתַתֶּם אוֹתִי אֶל־בֵּית הַכֶּלֶא׃
יט וְאַיֵּו נְבִיאֵיכֶם אֲשֶׁר־נִבְּאוּ לָכֶם לֵאמֹר לֹא־יָבֹא מֶלֶךְ־
כ בָּבֶל עֲלֵיכֶם וְעַל הָאָרֶץ הַזֹּאת׃ וְעַתָּה שְׁמַע־נָא אֲדֹנִי
הַמֶּלֶךְ תִּפָּל־נָא תְחִנָּתִי לְפָנֶיךָ וְאַל־תְּשִׁבֵנִי בֵּית יְהוֹנָתָן
כא הַסֹּפֵר וְלֹא אָמוּת שָׁם׃ וַיְצַוֶּה הַמֶּלֶךְ צִדְקִיָּהוּ וַיַּפְקִדוּ
אֶת־יִרְמְיָהוּ בַּחֲצַר הַמַּטָּרָה וְנָתֹן לוֹ כִכַּר־לֶחֶם לַיּוֹם
מִחוּץ הָאֹפִים עַד־תֹּם כָּל־הַלֶּחֶם מִן־הָעִיר וַיֵּשֶׁב יִרְמְיָהוּ
בַּחֲצַר הַמַּטָּרָה׃

יט׳ ואה קרי

לח

א וַיִּשְׁמַע שְׁפַטְיָה בֶן מַתָּן וּגְדַלְיָהוּ בֶּן־פַּשְׁחוּר וְיוּכַל בֶּן־
שֶׁלֶמְיָהוּ וּפַשְׁחוּר בֶּן־מַלְכִּיָּה אֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר יִרְמְיָהוּ
ב מְדַבֵּר אֶל־כָּל־הָעָם לֵאמֹר׃ כֹּה אָמַר יְהוָה הַיֹּשֵׁב בָּעִיר
הַזֹּאת יָמוּת בַּחֶרֶב בָּרָעָב וּבַדָּבֶר וְהַיֹּצֵא אֶל־הַכַּשְׂדִּים
ג יחיה וְהָיְתָה־לּוֹ נַפְשׁוֹ לְשָׁלָל וָחָי׃ כֹּה אָמַר יְהוָה
הִנָּתֹן תִּנָּתֵן הָעִיר הַזֹּאת בְּיַד חֵיל מֶלֶךְ־בָּבֶל וּלְכָדָהּ׃
ד וַיֹּאמְרוּ הַשָּׂרִים אֶל־הַמֶּלֶךְ יוּמַת נָא אֶת־הָאִישׁ הַזֶּה כִּי
עַל־כֵּן הוּא מְרַפֵּא אֶת־יְדֵי אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה הַנִּשְׁאָרִים ׀
בָּעִיר הַזֹּאת וְאֵת יְדֵי כָל־הָעָם לְדַבֵּר אֲלֵיהֶם כַּדְּבָרִים
הָאֵלֶּה כִּי ׀ הָאִישׁ הַזֶּה אֵינֶנּוּ דֹּרֵשׁ לְשָׁלוֹם לָעָם הַזֶּה כִּי
ה אִם־לְרָעָה׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ צִדְקִיָּהוּ הִנֵּה־הוּא בְּיֶדְכֶם כִּי־
ו אֵין הַמֶּלֶךְ יוּכַל אֶתְכֶם דָּבָר׃ וַיִּקְחוּ אֶת־יִרְמְיָהוּ וַיַּשְׁלִכוּ
אֹתוֹ אֶל־הַבּוֹר ׀ מַלְכִּיָּהוּ בֶן־הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר בַּחֲצַר הַמַּטָּרָה
וַיְשַׁלְּחוּ אֶת־יִרְמְיָהוּ בַּחֲבָלִים וּבַבּוֹר אֵין־מַיִם כִּי אִם־
ז טִיט וַיִּטְבַּע יִרְמְיָהוּ בַּטִּיט׃ וַיִּשְׁמַע עֶבֶד־מֶלֶךְ הַכּוּשִׁי
אִישׁ סָרִיס וְהוּא בְּבֵית הַמֶּלֶךְ כִּי־נָתְנוּ אֶת־יִרְמְיָהוּ אֶל־
ח הַבּוֹר וְהַמֶּלֶךְ יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר בִּנְיָמִן׃ וַיֵּצֵא עֶבֶד־מֶלֶךְ מִבֵּית
ט הַמֶּלֶךְ וַיְדַבֵּר אֶל־הַמֶּלֶךְ לֵאמֹר׃ אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ הֵרֵעוּ
הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשׂוּ לְיִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא
אֵת אֲשֶׁר־הִשְׁלִיכוּ אֶל־הַבּוֹר וַיָּמָת תַּחְתָּיו מִפְּנֵי הָרָעָב
י כִּי אֵין הַלֶּחֶם עוֹד בָּעִיר׃ וַיְצַוֶּה הַמֶּלֶךְ אֵת עֶבֶד־מֶלֶךְ
הַכּוּשִׁי לֵאמֹר קַח בְּיָדְךָ מִזֶּה שְׁלֹשִׁים אֲנָשִׁים וְהַעֲלִיתָ
יא אֶת־יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא מִן־הַבּוֹר בְּטֶרֶם יָמוּת׃ וַיִּקַּח ׀ עֶבֶד־
מֶלֶךְ אֶת־הָאֲנָשִׁים בְּיָדוֹ וַיָּבֹא בֵית־הַמֶּלֶךְ אֶל־תַּחַת
הָאוֹצָר וַיִּקַּח מִשָּׁם בְּלוֹיֵ הסחבות וּבְלוֹיֵ מְלָחִים
יב וַיְשַׁלְּחֵם אֶל־יִרְמְיָהוּ אֶל־הַבּוֹר בַּחֲבָלִים׃ וַיֹּאמֶר עֶבֶד־

ב׳ וחיה קרי   יא׳ סחבות קרי

לח 1 און שְׁפַטְיָה דער זון פון מַתָּנען, און גְּדַלְיָהוּ דער זון פון פַּשחורן, און יוּכַל דער זון פון שֶׁלֶמְיָהון, און פַּשחור דער זון פון מַלכִּיָהן, האָבן געהערט די ווערטער וואָס יִרמְיָהוּ רעדט צום גאַנצן פאָלק, אַזוי צו זאָגן: 2 אַזוי האָט גאָט געזאָגט: דער וואָס בלייבט זיצן אין דערדאָזיקער שטאָט וועט שטאַרבן פון דער שווערד, פון דעם הונגער, און פון דער פּעסט, און דער וואָס גייט אַרויס צו די כַּשׂדים, וועט בלייבן לעבן; זיין נפש וועט אים זיין צום געווינס, און ער וועט בלייבן לעבן. 3 אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איבערגעגעבן וועט איבערגעגעבן ווערן דידאָזיקע שטאָט אין דער האַנט פון דעם חיל פון דעם מלך פון בָּבל, און ער וועט זי באַצווינגען. 4 האָבן די האַרן געזאָגט צום מלך: זאָל געטייט ווערן, איך בעט דיך, דערדאָזיקער מאַן, וואָרום ער שלאַפט דאָך אָפּ די הענט פון די מלחמה־לייט וואָס זיינען איבערגעבליבן אין דערדאָזיקער שטאָט, און די הענט פון דעם גאַנצן פאָלק, אַז ער רעדט צו זיי אַזוי ווי דידאָזיקע רייד; וואָרום דערדאָזיקער מאַן זוכט ניט פריד פאַר דעמדאָזיקן פאָלק נאָר בלויז אַ רעה. 5 האָט דער מלך צִדקִיָהוּ געזאָגט: אָט איז ער אין אַייער האַנט; וואָרום דער מלך קען מיט אַייך גאָרנישט אויספירן. 6 האָבן זיי גענומען יִרמְיָהון, און האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין דער גרוב פון מַלכִּיָהוּ דעם זון פון מלך, וואָס אין הויף פון דער וואַך; און זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט יִרמְיָהון מיט שטריק. און אין דער גרוב איז קיין וואַסער ניט געווען, נאָר בלויז ליים; און יִרמְיָהוּ איז אַריינגעזונקען אין דעם ליים.

7 האָט געהערט עֶבֶד־מֶלֶך דער כּושי, אַ מאַן אַ הויפדינער וואָס איז געווען אין הויז פון מלך, אַז מע האָט יִרמְיָהון אַריינגעטאָן אין דער גרוב; און דער מלך איז געזעסן אין טויער פון בנימין. 8 איז עֶבֶד־מֶלֶך אַרויסגעגאַנגען פון מלכס הויז, און האָט גערעדט צום מלך, אַזוי צו זאָגן: 9 מיין האַר מלך, שלעכט באַגאַנגען האָבן זיך דידאָזיקע לייט מיט אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן צו יִרמְיָהוּ הנביא, וואָס זיי האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין גרוב; און ער שטאַרבט אויף זיין אָרט פאַר הונגער; וואָרום ניטאָ קיין ברויט מער אין שטאָט. 10 האָט דער מלך באַפוילן עֶבֶד־מֶלֶך דעם כּושי, אַזוי צו זאָגן: נעם מיט דיר פון דאַנען דרייסיק מאַן, און זאָלסט אַרויפברענגען יִרמְיָהוּ הנביאן פון דער גרוב איידער ער וועט שטאַרבן. 11 האָט עֶבֶד־מֶלֶך גענומען די מענטשן מיט זיך, און ער איז געקומען אין הויז פון מלך אונטער דער שאַצקאַמער, און האָט פון דאָרטן גענומען אַלטע קאָדרעס און אַלטע שמאַטעס, און ער האָט זיי אַראָפּגעלאָזט צו יִרמְיָהון אין גרוב מיט שטריק.

12 און עֶבֶד־מֶלֶך דער כּושי האָט געזאָגט צו יִרמְיָהון: טו, איך בעט דיך, די אַלטע קאָדרעס און די שמאַטעס אונטער דײַנע אָרעמס אונטער די שטריק. און יִרמְיָהו האָט אַזוי געטאָן. 13 און זיי האָבן געצויגן יִרמְיָהון מיט שטריק, און האָבן אים אַרויפגעבראַכט פון דער גרוב. און יִרמְיָהו איז געזעסן אין הויף פון דער וואַך.

14 האָט דער מלך צִדקִיָהו געשיקט און גענומען יִרמְיָהו הנביאן צו זיך, צום דריטן אַײַנגאַנג וואָס אין הויז פון גאָט; און דער מלך האָט געזאָגט צו יִרמְיָהון: איך וועל דיך פרעגן אַ זאַך; זאָלסט ניט פאַרלייקענען פון מיר אַ וואָרט. 15 האָט יִרמְיָהו געזאָגט צו צִדקִיָהון: אַז איך וועל דיר זאָגן, וועסטו דאָך טייטן מיך טייטן, און אַז איך וועל דיר געבן אַן עצה, וועסטו ניט צוהערן צו מיר. 16 האָט דער מלך צִדקִיָהו געשוואָרן יִרמְיָהון אין פאַרבאָרגעניש, אַזוי צו זאָגן: אַזוי ווי עס לעבט גאָט וואָס האָט אונדז באַשאַפן דידאָזיקע זעל, אויב איך וועל דיך טייטן, און אויב איך וועל דיך איבערגעבן אין דער האַנט פון די־דאָזיקע לײַט וואָס זוכן דײַן לעבן!

17 האָט יִרמְיָהו געזאָגט צו צִדקִיָהון: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון צבָאות, דער גאָט פון ישׂראל: אויב אַרויסגיין וועסטו אַרויסגיין צו די האַרן פון דעם מלך פון בָּבל, וועט דײַן נפש בלײַבן לעבן, און דידאָזיקע שטאָט וועט ניט פאַרברענט ווערן אין פײַער; אי דו וועסט בלײַבן לעבן, אי דײַן הויזגעזינט. 18 אויב אָבער וועסט ניט אַרויס־גיין צו די האַרן פון דעם מלך פון בָּבל, וועט דידאָזיקע שטאָט איבערגעגעבן ווערן אין דער האַנט פון די כַּשׂדים, און זיי וועלן זי פאַרברענען אין פײַער, און דו וועסט ניט אַנטרונען ווערן פון זייער האַנט. 19 האָט דער מלך צִדקִיָהו געזאָגט צו יִרמְיָהון: איך האָב מורא פאַר די יִידן וואָס זײַנען צוגעפאַלן צו די כַּשׂדים, מע זאָל מיך ניט איבערגעבן אין זייער האַנט, און זיי וועלן זיך אָנטאָן אָן מיר. 20 האָט יִרמְיָהו געזאָגט: מע וועט דיך ניט איבערגעבן. הער צו, איך בעט דיך, צו דעם קָול פון גאָט אין וואָס איך רעד צו דיר, און עס וועט זײַן גוט פאַר דיר, און דײַן נפש וועט בלײַבן לעבן.

21 אויב אָבער דו ווילסט נִיט אַרויסגיין, איז דאָס דאָס וואָרט וואָס גאָט האָט מיר געוויזן: 22 ערשט אַלע ווײַבער וואָס זײַנען געבליבן אין הויז פון דעם מלך פון יהודה, ווערן אַרויסגעפירט צו די האַרן פון דעם מלך פון בָּבל, און זיי זאָגן:

דיך אײַנגערעדט און דיך בײַגעקומען<br>
האָבן די גוטע פרײַנט דײַנע;<br>
אײַנגעזונקען אין אַ זומפּ זײַנען דײַנע פיס—<br>
זײַנען זיי אָפּגעטרעטן אַהינטער.

23 און אַלע דײַנע ווײַבער און דײַנע קינדער פירט מען אַרויס צו די כַּשׂדים, און דו וועסט ניט אַנטרונען ווערן פון זייער האַנט, נײַערט אין דער האַנט פון דעם מלך פון בָּבל וועסטו געכאַפּט ווערן, און וועסט מאַכן פאַרברענען דידאָ־זיקע שטאָט אין פײַער.

מֶלֶךְ הַכּוּשִׁי אֶל־יִרְמְיָהוּ שִׂים נָא בְּלוֹאֵי הַסְּחָבוֹת
וְהַמְּלָחִים תַּחַת אַצִּלוֹת יָדֶיךָ מִתַּחַת לַחֲבָלִים וַיַּעַשׂ
יג יִרְמְיָהוּ כֵּן׃ וַיִּמְשְׁכוּ אֶת־יִרְמְיָהוּ בַּחֲבָלִים וַיַּעֲלוּ אֹתוֹ
יד מִן־הַבּוֹר וַיֵּשֶׁב יִרְמְיָהוּ בַּחֲצַר הַמַּטָּרָה׃ וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ
צִדְקִיָּהוּ וַיִּקַּח אֶת־יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא אֵלָיו אֶל־מָבוֹא הַשְּׁלִישִׁי
אֲשֶׁר בְּבֵית יְהוָה וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־יִרְמְיָהוּ שֹׁאֵל אֲנִי
טו אֹתְךָ דָּבָר אַל־תְּכַחֵד מִמֶּנִּי דָּבָר׃ וַיֹּאמֶר יִרְמְיָהוּ אֶל־
צִדְקִיָּהוּ כִּי אַגִּיד לְךָ הֲלוֹא הָמֵת תְּמִיתֵנִי וְכִי אִיעָצְךָ
טז לֹא תִשְׁמַע אֵלָי׃ וַיִּשָּׁבַע הַמֶּלֶךְ צִדְקִיָּהוּ אֶל־יִרְמְיָהוּ
בַּסֵּתֶר לֵאמֹר חַי־יְהוָה אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה־לָנוּ אֶת־הַנֶּפֶשׁ
הַזֹּאת אִם־אֲמִיתֶךָ וְאִם־אֶתֶּנְךָ בְּיַד הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר
יז מְבַקְשִׁים אֶת־נַפְשֶׁךָ׃ וַיֹּאמֶר יִרְמְיָהוּ אֶל־צִדְקִיָּהוּ
כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אִם־יָצֹא תֵצֵא
אֶל־שָׂרֵי מֶלֶךְ־בָּבֶל וְחָיְתָה נַפְשֶׁךָ וְהָעִיר הַזֹּאת לֹא תִשָּׂרֵף
יח בָּאֵשׁ וְחָיִתָה אַתָּה וּבֵיתֶךָ׃ וְאִם לֹא־תֵצֵא אֶל־שָׂרֵי מֶלֶךְ
בָּבֶל וְנִתְּנָה הָעִיר הַזֹּאת בְּיַד הַכַּשְׂדִּים וּשְׂרָפוּהָ בָּאֵשׁ
יט וְאַתָּה לֹא־תִמָּלֵט מִיָּדָם׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ צִדְקִיָּהוּ
אֶל־יִרְמְיָהוּ אֲנִי דֹאֵג אֶת־הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר נָפְלוּ אֶל־
כ הַכַּשְׂדִּים פֶּן־יִתְּנוּ אֹתִי בְּיָדָם וְהִתְעַלְּלוּ־בִי׃ וַיֹּאמֶר
יִרְמְיָהוּ לֹא יִתֵּנוּ שְׁמַע־נָא ׀ בְּקוֹל יְהוָה לַאֲשֶׁר אֲנִי דֹּבֵר
כא אֵלֶיךָ וְיִיטַב לְךָ וּתְחִי נַפְשֶׁךָ׃ וְאִם־מָאֵן אַתָּה לָצֵאת זֶה
כב הַדָּבָר אֲשֶׁר הִרְאַנִי יְהוָה׃ וְהִנֵּה כָל־הַנָּשִׁים אֲשֶׁר נִשְׁאֲרוּ
בְּבֵית מֶלֶךְ־יְהוּדָה מוּצָאוֹת אֶל־שָׂרֵי מֶלֶךְ בָּבֶל וְהֵנָּה
אֹמְרוֹת הִסִּיתוּךָ וְיָכְלוּ לְךָ אַנְשֵׁי שְׁלֹמֶךָ הָטְבְּעוּ בַבֹּץ רַגְלֶךָ
כג נָסֹגוּ אָחוֹר׃ וְאֶת־כָּל־נָשֶׁיךָ וְאֶת־בָּנֶיךָ מוֹצִאִים אֶל־
הַכַּשְׂדִּים וְאַתָּה לֹא־תִמָּלֵט מִיָּדָם כִּי בְיַד מֶלֶךְ־בָּבֶל
כד תִּתָּפֵשׂ וְאֶת־הָעִיר הַזֹּאת תִּשְׂרֹף בָּאֵשׁ׃ וַיֹּאמֶר

טז׳ כתיב ולא קרי    כב׳ חסר יו״ד

צִדְקִיָּהוּ אֶל־יִרְמְיָהוּ אִישׁ אַל־יֵדַע בַּדְּבָרִים־הָאֵלֶּה וְלֹא
תָמוּת׃ וְכִי־יִשְׁמְעוּ הַשָּׂרִים כִּי־דִבַּרְתִּי אִתָּךְ וּבָאוּ אֵלֶיךָ כה
וְאָמְרוּ אֵלֶיךָ הַגִּידָה־נָּא לָנוּ מַה־דִּבַּרְתָּ אֶל־הַמֶּלֶךְ אַל־
תְּכַחֵד מִמֶּנּוּ וְלֹא נְמִיתֶךָ וּמַה־דִּבֶּר אֵלֶיךָ הַמֶּלֶךְ׃ וְאָמַרְתָּ כו
אֲלֵיהֶם מַפִּיל־אֲנִי תְחִנָּתִי לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ לְבִלְתִּי הֲשִׁיבֵנִי
בֵּית יְהוֹנָתָן לָמוּת שָׁם׃ וַיָּבֹאוּ כָל־הַשָּׂרִים אֶל־ כז
יִרְמְיָהוּ וַיִּשְׁאֲלוּ אֹתוֹ וַיַּגֵּד לָהֶם כְּכָל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר
צִוָּה הַמֶּלֶךְ וַיַּחֲרִשׁוּ מִמֶּנּוּ כִּי לֹא־נִשְׁמַע הַדָּבָר׃ וַיֵּשֶׁב כח
יִרְמְיָהוּ בַּחֲצַר הַמַּטָּרָה עַד־יוֹם אֲשֶׁר־נִלְכְּדָה יְרוּשָׁלָםִ •
וְהָיָה כַּאֲשֶׁר נִלְכְּדָה יְרוּשָׁלָםִ׃

## לט

בַּשָּׁנָה הַתְּשִׁעִית לְצִדְקִיָּהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה בַּחֹדֶשׁ הָעֲשִׂרִי א
בָּא נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל וְכָל־חֵילוֹ אֶל־יְרוּשָׁלַםִ וַיָּצֻרוּ
עָלֶיהָ׃ בְּעַשְׁתֵּי־עֶשְׂרֵה שָׁנָה לְצִדְקִיָּהוּ בַּחֹדֶשׁ הָרְבִיעִי ב
בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ הָבְקְעָה הָעִיר׃ וַיָּבֹאוּ כֹּל שָׂרֵי ג
מֶלֶךְ־בָּבֶל וַיֵּשְׁבוּ בְּשַׁעַר הַתָּוֶךְ נֵרְגַל שַׂרְאֶצֶר סַמְגַּר־נְבוֹ
שַׂרְסְכִים רַב־סָרִיס נֵרְגַל שַׂרְאֶצֶר רַב־מָג וְכָל־שְׁאֵרִית
שָׂרֵי מֶלֶךְ־בָּבֶל׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר רָאָם צִדְקִיָּהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה ד
וְכֹל ׀ אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה וַיִּבְרְחוּ וַיֵּצְאוּ לַיְלָה מִן־הָעִיר דֶּרֶךְ
גַּן הַמֶּלֶךְ בְּשַׁעַר בֵּין הַחֹמֹתָיִם וַיֵּצֵא דֶּרֶךְ הָעֲרָבָה׃
וַיִּרְדְּפוּ חֵיל־כַּשְׂדִּים אַחֲרֵיהֶם וַיַּשִּׂגוּ אֶת־צִדְקִיָּהוּ בְּעַרְבוֹת ה
יְרֵחוֹ וַיִּקְחוּ אֹתוֹ וַיַּעֲלֻהוּ אֶל־נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל
רִבְלָתָה בְּאֶרֶץ חֲמָת וַיְדַבֵּר אִתּוֹ מִשְׁפָּטִים׃ וַיִּשְׁחַט ו
מֶלֶךְ בָּבֶל אֶת־בְּנֵי צִדְקִיָּהוּ בְּרִבְלָה לְעֵינָיו וְאֵת כָּל־חֹרֵי
יְהוּדָה שָׁחַט מֶלֶךְ בָּבֶל׃ וְאֶת־עֵינֵי צִדְקִיָּהוּ עִוֵּר וַיַּאַסְרֵהוּ ז
בַּנְחֻשְׁתַּיִם לָבִיא אֹתוֹ בָּבֶלָה׃ וְאֶת־בֵּית הַמֶּלֶךְ וְאֶת־בֵּית ח
הָעָם שָׂרְפוּ הַכַּשְׂדִּים בָּאֵשׁ וְאֶת־חֹמוֹת יְרוּשָׁלַםִ נָתָצוּ׃

לח, כח׳ פסקא באמצע פסוק   לט, ג׳ כצ״ל בסן   ז׳ כצ״ל

24 האָט צדקיָהו געזאָגט צו ירמיָהון: זאָל קיין מענטש ניט וויסן פון דידאָזיקע ווערטער, און וועסט ניט שטאַרבן. 25 און אַז די האַרן וועלן הערן אַז איך האָב גערעדט מיט דיר, און זיי וועלן קומען צו דיר און זאָגן צו דיר: זאָג אונדז אַקאָרשט, וואָס האָסטו גערעדט צום מלך; זאָלסט ניט פאַרלייקענען פון אונדז און מיר וועלן דיך ניט טייטן; און וואָס האָט גערעדט צו דיר דער מלך? 26 זאָלסטו זאָגן צו זיי: איך האָב געלאָזט פאַלן מיין געבעט פאַרן מלך, מיך ניט אומצוקערן אין יהונָתָנס הויז, צו שטאַרבן דאָרטן.

27 זיינען געקומען אַלע האַרן צו ירמיָהון, און האָבן אים געפרעגט, און ער האָט זיי געזאָגט אַזוי ווי אַלע די־דאָזיקע ווערטער וואָס דער מלך האָט באַפוילן, און זיי האָבן אים צו רו געלאָזט, וואָרום דאָס גערייד איז ניט געהערט געוואָרן. 28 און ירמיָהו איז געזעסן אין הויף פון דער וואַך ביז דעם טאָג וואָס ירושָלַיִם איז באַצוואונגען געוואָרן.

און עס איז געווען, אַז ירושָלַיִם איז באַצוואונגען געוואָרן–

## לט

1 אין ניינטן יאָר פון צדקיָהו דעם מלך פון יהודה, אין צענטן חודש, איז געקומען נבוכַדרֶאצַר דער מלך פון בָבל און זיין גאַנצער חיל אויף ירושָלַיִם, און זיי האָבן געלעגערט אויף איר; 2 אין עלפטן יאָר פון צדקיָהון, אין פירטן חודש, אין ניינטן טאָג פון חודש, איז אַיינגעבראָכן געוואָרן די שטאָט.– 3 זיינען געקומען אַלע האַרן פון דעם מלך פון בָבל, און האָבן זיך געזעצט אין מיטלסטן טויער: נֵרגַל־שַׂראֶצֶר, סַמגַר־נבוֹ, שַׂרסכים רַב־סָריס[א], נֵרגַל־שַׂראֶצֶר רַב־מָג[ב], און אַלע איבעריקע האַרן פון דעם מלך פון בָבל. 4 און עס איז געווען, ווי צדקיָהו דער מלך פון יהודה און אַלע מלחמה־לייט האָבן זיי דערזען, אַזוי זיינען זיי אַנטלאָפן, און זיינען אַרויסגעגאַנגען ביי נאַכט פון שטאָט דורך דעם מלכס גאָרטן, דורך דעם טויער צווישן די צוויי מויערן; און ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן וועג פון פלוין. 5 האָט דער חיל פון די כַשׂדים זיי נאָכגעיאָגט, און זיי האָבן אָנגעיאָגט צדקיָהון אין די פלוינען פון יריחוֹ; און זיי האָבן אים גענומען און אים אַרויפגעבראַכט צו נבוכַדרֶאצַר דעם מלך פון בָבל קיין רִבלָה אין לאַנד חֲמָת, און ער האָט אַרויסגעזאָגט אַ משפט אויף אים. 6 און דער מלך פון בָבל האָט געשאָכטן די זין פון צדקיָהון אין רִבלָה פאַר זיינע אויגן; אויך אַלע אַדללייט פון יהודה האָט דער מלך פון בָבל געשאָכטן. 7 און די אויגן פון צדקיָהון האָט ער בלינד געמאַכט, און ער האָט אים געשמידט אין קופּערנע קייטן, אים צו ברענגען קיין בָבל. 8 און דאָס הויז פון דעם מלך, און דאָס הויז פון פאָלק, האָבן די כַשׂדים פאַרברענט אין פייער, און די מויערן פון ירושָלַיִם האָבן זיי

[א] הויפּט פון די סָריסים אָדער הויפדינער.
[ב] הויפּט פון די מאַגיער אָדער וואָרזאָגער.

ט וְאֵת יֶתֶר הָעָם הַנִּשְׁאָרִים בָּעִיר וְאֶת־הַנֹּפְלִים אֲשֶׁר נָפְלוּ
עָלָיו וְאֵת יֶתֶר הָעָם הַנִּשְׁאָרִים הֶגְלָה נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים
י בָּבֶל׃ וּמִן הָעָם הַדַּלִּים אֲשֶׁר אֵין־לָהֶם מְאוּמָה הִשְׁאִיר
נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים בְּאֶרֶץ יְהוּדָה וַיִּתֵּן לָהֶם כְּרָמִים
יא וִיגֵבִים בַּיּוֹם הַהוּא׃ וַיְצַו נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל עַל־
יב יִרְמְיָהוּ בְּיַד נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים לֵאמֹר׃ קָחֶנּוּ וְעֵינֶיךָ
שִׂים עָלָיו וְאַל־תַּעַשׂ לוֹ מְאוּמָה רָע כִּי אִם כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר
יג אֵלֶיךָ כֵּן עֲשֵׂה עִמּוֹ׃ וַיִּשְׁלַח נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים
וּנְבוּשַׁזְבָּן רַב־סָרִיס וְנֵרְגַל שַׂרְאֶצֶר רַב־מָג וְכֹל רַבֵּי מֶלֶךְ־
יד בָּבֶל׃ וַיִּשְׁלְחוּ וַיִּקְחוּ אֶת־יִרְמְיָהוּ מֵחֲצַר הַמַּטָּרָה וַיִּתְּנוּ
אֹתוֹ אֶל־גְּדַלְיָהוּ בֶּן־אֲחִיקָם בֶּן־שָׁפָן לְהוֹצִאֵהוּ אֶל־הַבָּיִת
טו וַיֵּשֶׁב בְּתוֹךְ הָעָם׃ וְאֶל־יִרְמְיָהוּ הָיָה דְבַר־יְהוָה
טז בִּהְיֹתוֹ עָצוּר בַּחֲצַר הַמַּטָּרָה לֵאמֹר׃ הָלוֹךְ וְאָמַרְתָּ לְעֶבֶד־
מֶלֶךְ הַכּוּשִׁי לֵאמֹר כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
הִנְנִי מֵבִי אֶת־דְּבָרַי אֶל־הָעִיר הַזֹּאת לְרָעָה וְלֹא לְטוֹבָה
יז וְהָיוּ לְפָנֶיךָ בַּיּוֹם הַהוּא׃ וְהִצַּלְתִּיךָ בַיּוֹם־הַהוּא נְאֻם־יְהוָה
יח וְלֹא תִנָּתֵן בְּיַד הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־אַתָּה יָגוֹר מִפְּנֵיהֶם׃ כִּי
מַלֵּט אֲמַלֶּטְךָ וּבַחֶרֶב לֹא תִפֹּל וְהָיְתָה לְךָ נַפְשְׁךָ לְשָׁלָל
כִּי־בָטַחְתָּ בִּי נְאֻם־יְהוָה׃

## מ

א הַדָּבָר אֲשֶׁר הָיָה אֶל־יִרְמְיָהוּ מֵאֵת יְהוָה אַחַר ׀ שַׁלַּח
אֹתוֹ נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים מִן־הָרָמָה בְּקַחְתּוֹ אֹתוֹ וְהוּא־
אָסוּר בָּאזִקִּים בְּתוֹךְ כָּל־גָּלוּת יְרוּשָׁלַםִ וִיהוּדָה הַמֻּגְלִים
ב בָּבֶלָה׃ וַיִּקַּח רַב־טַבָּחִים לְיִרְמְיָהוּ וַיֹּאמֶר אֵלָיו יְהוָה
ג אֱלֹהֶיךָ דִּבֶּר אֶת־הָרָעָה הַזֹּאת אֶל־הַמָּקוֹם הַזֶּה׃ וַיָּבֵא
וַיַּעַשׂ יְהוָה כַּאֲשֶׁר דִּבֵּר כִּי־חֲטָאתֶם לַיהוָה וְלֹא־שְׁמַעְתֶּם
ד בְּקוֹלוֹ וְהָיָה לָכֶם דָּבָר הַזֶּה׃ וְעַתָּה הִנֵּה פִתַּחְתִּיךָ הַיּוֹם

לט, יב׳ ר׳ דגושה כתיב ולא ק׳ יג׳ סן ושדא טז׳ מביא ק׳ מ, א׳ א סהה ג׳ ודבר ק׳

אַיינגעוואָרפן. [9] און דעם רעשט פון פאָלק וואָס זיינען
געבליבן אין דער שטאָט, און די צוגעפאַלענע וואָס זיינען
צוגעפאַלן צו אים, און דעם רעשט פון פאָלק וואָס זיינען
געבליבן, האָט נבוזראַדן דער הויפט פון דעם לייב־חיל
פאַרטריבן קיין בָבל. [10] אָבער פון דעם אָרימען פאָלק
וואָס האָבן גאָרנישט געהאַט, האָט נבוזראַדן דער הויפט
פון דעם לייב־חיל איבערגעלאָזט אין לאַנד יהודה, און
ער האָט זיי געגעבן וויינגערטנער און פעלדער אין יענעם
טאָג.

[11] און נבוכדרֶאצר דער מלך פון בָבל האָט באַפוילן
דורך נבוזראַדן דעם הויפט פון דעם לייב־חיל וועגן
ירמיָהון, אַזוי צו זאָגן: [12] נעם אים, און טו דיינע אויגן אויף
אים, און זאָלסט אים ניט טאָן קיין שום בייז; נייערט אַזוי ווי
ער וועט דיר זאָגן, אַזוי טו מיט אים. [13] האָט געשיקט
נבוזראַדן דער הויפט פון דעם לייב־חיל, און נבושזבן רַב־
סָריס, און נֵרגַל־שַׂראֶצר רַב־מָג, און אַלע גרויסע לייט פון
דעם מלך פון בָבל— [14] האָבן זיי געשיקט, און האָבן אַרויס־
גענומען ירמיָהון פון הויף פון דער וואַך, און האָבן אים
איבערגעגעבן צו גדליָהו דעם זון פון אַחיקם דעם זון פון
שָפָנען, אים אַרויסצונעמען אַהיים. און ער איז געזעסן
צווישן פאָלק.

[15] און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו ירמיָהון,
ווען ער איז געווען איינגעשפּאַרט אין הויף פון דער וואַך,
אַזוי צו זאָגן: [16] גיי, און זאָלסט זאָגן צו עֶבֶד־מֶלֶך דעם כושי, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבָאות,
דער גאָט פון ישׂראל: זע, איך ברענג מיינע ווערטער אויף דערדאָזיקער שטאָט צום בייזן, און ניט צום גוטן; און זיי וועלן
געשען פאַר דיר אין יענעם טאָג. [17] אָבער איך וועל דיך מציל זיין אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט, און וועסט ניט איבער־
געגעבן ווערן אין דער האַנט פון די מענטשן וואָס דו שרעקסט זיך פאַר זיי. [18] וואָרום אַנטרינען וועל איך דיך מאַכן
אַנטרינען, און דורכן שווערד וועסטו ניט פאַלן, און דיין נפש וועט דיר זיין צום געווינס, ווייל דו האָסט זיך פאַרזיכערט
אויף מיר, זאָגט גאָט.

מ [1] דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו ירמיָהון פון גאָט נאָכדעם אַז נבוזראַדן דער הויפט פון דעם לייב־חיל האָט אים
אַוועקגעלאָזט פון רָמָה, ווען ער האָט אים געהאַט גענומען אַ געשמידטן אין קייטן צווישן אַלע פאַרטריבענע פון
ירושָלַים און יהודה וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין בָבל. [2] און דער הויפט פון דעם לייב־חיל האָט גענומען ירמיָהון,
און האָט צו אים געזאָגט: יהוה דיין גאָט האָט אָנגעזאָגט דאָסדאָזיקע בייז אויף דעמדאָזיקן אָרט, [3] און יהוה האָט
געבראַכט און געטאָן אַזוי ווי ער האָט גערעדט; וואָרום איר האָט געזינדיקט צו יהוה, און איר האָט ניט צו־
געהערט צו זיין קָול, דרום איז אייך געשען דידאָזיקע זאַך. [4] און אַצונד, זע, איך האָב דיך היינט לויז געמאַכט פון די

מִן־הָאזִקִּים אֲשֶׁר עַל־יָדֶךָ אִם־טוֹב בְּעֵינֶיךָ לָבוֹא אִתִּי
בָבֶל בֹּא וְאָשִׂים אֶת־עֵינִי עָלֶיךָ וְאִם־רַע בְּעֵינֶיךָ לָבוֹא־
אִתִּי בָבֶל חֲדָל רְאֵה כָּל־הָאָרֶץ לְפָנֶיךָ אֶל־טוֹב וְאֶל־
הַיָּשָׁר בְּעֵינֶיךָ לָלֶכֶת שָׁמָּה לֵךְ׃ וְעוֹדֶנּוּ לֹא־יָשׁוּב וְשֻׁבָה ה
אֶל־גְּדַלְיָה בֶן־אֲחִיקָם בֶּן־שָׁפָן אֲשֶׁר הִפְקִיד מֶלֶךְ־בָּבֶל
בְּעָרֵי יְהוּדָה וְשֵׁב אִתּוֹ בְּתוֹךְ הָעָם אוֹ אֶל־כָּל־הַיָּשָׁר
בְּעֵינֶיךָ לָלֶכֶת לֵךְ וַיִּתֶּן־לוֹ רַב־טַבָּחִים אֲרֻחָה וּמַשְׂאֵת
וַיְשַׁלְּחֵהוּ׃ וַיָּבֹא יִרְמְיָהוּ אֶל־גְּדַלְיָה בֶן־אֲחִיקָם הַמִּצְפָּתָה ו
וַיֵּשֶׁב אִתּוֹ בְּתוֹךְ הָעָם הַנִּשְׁאָרִים בָּאָרֶץ׃ וַיִּשְׁמְעוּ ז
כָל־שָׂרֵי הַחֲיָלִים אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה הֵמָּה וְאַנְשֵׁיהֶם כִּי־הִפְקִיד
מֶלֶךְ־בָּבֶל אֶת־גְּדַלְיָהוּ בֶן־אֲחִיקָם בָּאָרֶץ וְכִי ׀ הִפְקִיד
אִתּוֹ אֲנָשִׁים וְנָשִׁים וָטָף וּמִדַּלַּת הָאָרֶץ מֵאֲשֶׁר לֹא־הָגְלוּ
בָּבֶלָה׃ וַיָּבֹאוּ אֶל־גְּדַלְיָה הַמִּצְפָּתָה וְיִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָהוּ ח
וְיוֹחָנָן וְיוֹנָתָן בְּנֵי־קָרֵחַ וּשְׂרָיָה בֶן־תַּנְחֻמֶת וּבְנֵי ׀ עֵופַי
הַנְּטֹפָתִי וִיזַנְיָהוּ בֶּן־הַמַּעֲכָתִי הֵמָּה וְאַנְשֵׁיהֶם׃ וַיִּשָּׁבַע ט
לָהֶם גְּדַלְיָהוּ בֶן־אֲחִיקָם בֶּן־שָׁפָן וּלְאַנְשֵׁיהֶם לֵאמֹר אַל־
תִּירְאוּ מֵעֲבוֹד הַכַּשְׂדִּים שְׁבוּ בָאָרֶץ וְעִבְדוּ אֶת־מֶלֶךְ
בָּבֶל וְיִיטַב לָכֶם׃ וַאֲנִי הִנְנִי יֹשֵׁב בַּמִּצְפָּה לַעֲמֹד י
לִפְנֵי הַכַּשְׂדִּים אֲשֶׁר יָבֹאוּ אֵלֵינוּ וְאַתֶּם אִסְפוּ יַיִן וְקַיִץ
וְשֶׁמֶן וְשִׂמוּ בִּכְלֵיכֶם וּשְׁבוּ בְּעָרֵיכֶם אֲשֶׁר־תְּפַשְׂתֶּם׃ וְגַם יא
כָּל־הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר־בְּמוֹאָב ׀ וּבִבְנֵי־עַמּוֹן וּבֶאֱדוֹם וַאֲשֶׁר
בְּכָל־הָאֲרָצוֹת שָׁמְעוּ כִּי־נָתַן מֶלֶךְ־בָּבֶל שְׁאֵרִית לִיהוּדָה
וְכִי הִפְקִיד עֲלֵיהֶם אֶת־גְּדַלְיָהוּ בֶּן־אֲחִיקָם בֶּן־שָׁפָן׃
וַיָּשֻׁבוּ כָל־הַיְּהוּדִים מִכָּל־הַמְּקֹמוֹת אֲשֶׁר נִדְּחוּ־שָׁם וַיָּבֹאוּ יב
אֶרֶץ־יְהוּדָה אֶל־גְּדַלְיָהוּ הַמִּצְפָּתָה וַיַּאַסְפוּ יַיִן וָקַיִץ
הַרְבֵּה מְאֹד׃ וְיוֹחָנָן בֶּן־קָרֵחַ וְכָל־שָׂרֵי הַחֲיָלִים אֲשֶׁר יג
בַּשָּׂדֶה בָּאוּ אֶל־גְּדַלְיָהוּ הַמִּצְפָּתָה׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו הֲיָדֹעַ יד

---

ד׳ אי נחה    ח׳ עיפי קרי

קײטן װאָס אויף דײן האַנט. אויב עס איז גוט אין דײנע אויגן צו קומען מיט מיר קײן בָּבל, קום, און איך װעל טאָן מײן אויג אויף דיר; אויב אָבער עס איז שלעכט אין דײנע אויגן צו קומען מיט מיר קײן בָּבל, לאָז עס. זע, דאָס גאַנצע לאַנד ליגט פאַר דיר; װוּ עס איז גוט און װוּ עס איז רעכט אין דײנע אויגן אַהין צו גײן, גײ. [5] און אַז ער האָט אַלץ ניט געװאָלט אומקערן [האָט נבוזַראַדן געזאָגט]: טאָ קער זיך אום צו גדַליָה דעם זון פון אַחיקָם דעם זון פון שָפָנען, װאָס דער מלך פון בָּבל האָט אויפגעזעצט איבער די שטעט פון יהודה, און זיץ מיט אים צװישן דעם פאָלק; אָדער װוּהין נאָר עס איז רעכט אין דײנע אויגן צו גײן, גײ. און דער הויפּט פון דעם לײַב־חיל האָט אים געגעבן צערונג און אַ מתּנה, און האָט אים אַװעקגעשיקט. [6] און יִרמיָהו איז געקומען צו גדַליָה דעם זון פון אַחיקָמען קײן מִצפָּה, און איז געזעסן מיט אים צװישן דעם פאָלק װאָס זײנען געבליבן אין לאַנד.

[7] און אַלע הויפּטלײט פון חיל װאָס אין פעלד, זײ מיט זײערע מענטשן, האָבן געהערט אַז דער מלך פון בָּבל האָט אויפגעזעצט גדַליָהו דעם זון פון אַחיקָמען איבערן לאַנד, און אַז ער האָט געלאָזט אונטער אים מענער און װײַבער און קינדער, און פון די אָרימע פון לאַנד, פון די װאָס זײנען ניט פאַרטריבן געװאָרן קײן בָּבל; [8] און זײ זײנען געקומען צו גדַליָהן קײן מִצפָּה: יִשמָעֵאל דער זון פון נתַניָהון, און יוֹחָנָן און יוֹנָתָן די זין פון קָרֵחַן, און שׂרָיָה דער זון פון תַּנחוּמֶתן, און די זין פון עֵיפַין פון נטוֹפָה, און יזַניָהו דער זון פון דעם מַעֲכָתי, זײ מיט זײערע מענטשן. [9] און גדַליָהו דער זון פון אַחיקָם דעם זון פון שָפָנען האָט געשװאָרן זײ און זײערע מענטשן, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט ניט מורא האָבן צו דינען די כַּשׂדים. זיצט אין לאַנד, און דינט דעם מלך פון בָּבל, און אײַך װעט זײן גוט. [10] און איך, אָט בלײַב איך אין מִצפָּה צו שטײן פאַר די כַּשׂדים װאָס װעלן קומען צו אונדז; און איר זאַמלט אײַן װײַן, און זומעראויבס, און אײל, און טוט אַרײַן אין אײַערע כלים, און זיצט אין אײַערע שטעט װאָס איר האָט פאַרכאַפּט.

[11] און אויך אַלע ייִדן װאָס אין מוֹאָב, און צװישן די קינדער פון עַמוֹן, און אין אֱדוֹם, און די װאָס אין אַלע לענדער, האָבן געהערט אַז דער מלך פון בָּבל האָט געלאָזט אַן איבערבלײַב פון יהודה, און אַז ער האָט אויפגעזעצט איבער זײ גדַליָהו דעם זון פון אַחיקָם דעם זון פון שָפָנען. [12] און אַלע ייִדן האָבן זיך אומגעקערט פון אַלע ערטער װאָס זײ זײנען פאַרשטויסן געװאָרן אַהין, און זײ זײנען געקומען קײן לאַנד יהודה צו גדַליָהון קײן מִצפָּה; און זײ האָבן אײַנגעזאַמלט װײַן און זומעראויבס זײער פיל.

[13] און יוֹחָנָן דער זון פון קָרֵחַן, און אַלע הויפּטלײט פון חיל װאָס אויפן פעלד, זײנען געקומען צו גדַליָהון קײן מִצפָּה,

14 און זיי האָבן צו אים געזאָגט: צי ווייסן ווייסטו אַז בַּעֲלִיס
דער מלך פון די קינדער פון עַמון האָט געשיקט יִשמָעֵאל
דעם זון פון נתַניָהן צו נעמען דיין לעבן? אָבער גדַליָהו דער
זון פון אַחיקָמען האָט זיי ניט געגלויבט. 15 האָט יוחָנָן דער
זון פון קָרֵחַן געזאָגט צו גדַליָהון אין פאַרבאָרגעניש אין
מִצפָּה, אַזוי צו זאָגן: לאָמיך גיין, איך בעט דיך, און איך
וועל דערשלאָגן יִשמָעֵאל דעם זון פון נתַניָהן, און קיין
מענטש וועט ניט וויסן. נאָך וואָס זאָל ער דיר נעמען דאָס
לעבן, און גאַנץ יהודה וואָס זיינען אַיינגעזאַמלט אַרום דיר,
וועלן צעשפּרייט ווערן, און דער איבערבלייב פון יהודה
וועט אונטערגיין? 16 אָבער גדַליָהו דער זון פון אַחיקָמען
האָט געזאָגט צו יוחָנָן דעם זון פון קָרֵחַן: זאָלסט ניט טאָן
דידאָזיקע זאַך, וואָרום ליגן זאָגסטו אויף יִשמָעֵאלן.

# מא

1 און עס איז געווען אין זיבעטן חודש, איז געקומען
יִשמָעֵאל דער זון פון נתַניָה דעם זון פון אֱלישָמָען
פון קיניגלעכן אָפּשטאַם, און די גרויסע לייט פון דעם מלך,
און צען מאַן מיט אים, צו גדַליָהו דעם זון פון אַחיקָמען
קיין מִצפָּה, און זיי האָבן דאָרטן געגעסן ברויט אין איינעם
אין מִצפָּה. 2 איז אויפגעשטאַנען יִשמָעֵאל דער זון פון
נתַניָהן, און די צען מאַן וואָס מיט אים, און זיי האָבן
געשלאָגן גדַליָהו דעם זון פון אַחיקָם דעם זון פון שָפָנען מיטן שווערד; און ער האָט אים געטייט–דעם וואָס דער
מלך פון בָבל האָט אויפגעזעצט איבערן לאַנד. 3 אויך אַלע ייִדן וואָס זיינען געווען מיט אים, מיט גדַליָהון, אין
מִצפָּה, און די כַּשׂדים וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען, די מלחמה־לייט, האָט יִשמָעֵאל דערשלאָגן.

4 און עס איז געווען אויפן צווייטן טאָג נאָכן טייטן גדַליָהון, ווען קיין מענטש האָט נאָך ניט געוווּסט, 5 זיינען אָנגעקומען
מענטשן פון שכֶם, פון שילו, און פון שומרון, אַכציק מאַן מיט אָפּגעגאָלטע בערד, און צעריסענע קליידער, און שניטן
אויפן לייב; מיט שפּייזאָפּפער און ווייריך אין זייער האַנט, אויף צו ברענגען אין הויז פון גאָט. 6 איז אַרויסגעגאַנגען
יִשמָעֵאל דער זון פון נתַניָהן זיי אַנטקעגן פון מִצפָּה, געגאַנגען און גייענדיק געוויינט; און עס איז געווען, ווי ער האָט זיי
באַגעגנט, אַזוי האָט ער צו זיי געזאָגט: קומט צו גדַליָהו דעם זון פון אַחיקָמען. 7 איז, ווי זיי זיינען אַריינגעקומען אין מיטן
שטאָט, אַזוי האָט יִשמָעֵאל דער זון פון נתַניָהן זיי געשאָכטן אין דער גרוב אַריין, ער און די מענטשן וואָס מיט אים. 8 און
צען מאַן האָבן זיך געפונען צווישן זיי, וואָס האָבן געזאָגט צו יִשמָעֵאלן: טייט אונדז ניט וואָרום מיר האָבן, באַהאַלטן
אין פעלד, ווייץ און גערשטן און אייל און האָניק. האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן, און האָט זיי ניט געטייט צווישן זייערע

תֵּדַע כִּי בַּעֲלִיס ׀ מֶלֶךְ בְּנֵי־עַמּוֹן שָׁלַח אֶת־יִשְׁמָעֵאל בֶּן־
נְתַנְיָה לְהַכֹּתְךָ נָפֶשׁ וְלֹא־הֶאֱמִין לָהֶם גְּדַלְיָהוּ בֶּן־אֲחִיקָם׃
טו וְיוֹחָנָן בֶּן־קָרֵחַ אָמַר אֶל־גְּדַלְיָהוּ בַסֵּתֶר בַּמִּצְפָּה לֵאמֹר
אֵלְכָה נָּא וְאַכֶּה אֶת־יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה וְאִישׁ לֹא יֵדָע
לָמָּה יַכֶּכָּה נֶּפֶשׁ וְנָפֹצוּ כָּל־יְהוּדָה הַנִּקְבָּצִים אֵלֶיךָ וְאָבְדָה
טז שְׁאֵרִית יְהוּדָה׃ וַיֹּאמֶר גְּדַלְיָהוּ בֶן־אֲחִיקָם אֶל־יוֹחָנָן
בֶּן־קָרֵחַ אַל־תַּעַשׂ אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה כִּי־שֶׁקֶר אַתָּה דֹבֵר
אֶל־יִשְׁמָעֵאל׃

מא

א וַיְהִי ׀ בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בָּא יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה בֶן־אֱלִישָׁמָע
מִזֶּרַע הַמְּלוּכָה וְרַבֵּי הַמֶּלֶךְ וַעֲשָׂרָה אֲנָשִׁים אִתּוֹ אֶל־
גְּדַלְיָהוּ בֶן־אֲחִיקָם הַמִּצְפָּתָה וַיֹּאכְלוּ שָׁם לֶחֶם יַחְדָּו
ב בַּמִּצְפָּה׃ וַיָּקָם יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה וַעֲשֶׂרֶת הָאֲנָשִׁים ׀
אֲשֶׁר־הָיוּ אִתּוֹ וַיַּכּוּ אֶת־גְּדַלְיָהוּ בֶן־אֲחִיקָם בֶּן־שָׁפָן בַּחֶרֶב
ג וַיָּמֶת אֹתוֹ אֲשֶׁר־הִפְקִיד מֶלֶךְ־בָּבֶל בָּאָרֶץ׃ וְאֵת כָּל־
הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר־הָיוּ אִתּוֹ אֶת־גְּדַלְיָהוּ בַּמִּצְפָּה וְאֶת־
הַכַּשְׂדִּים אֲשֶׁר נִמְצְאוּ־שָׁם אֵת אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה הִכָּה
ד יִשְׁמָעֵאל׃ וַיְהִי בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי לְהָמִית אֶת־גְּדַלְיָהוּ וְאִישׁ לֹא
ה יָדָע׃ וַיָּבֹאוּ אֲנָשִׁים מִשְּׁכֶם מִשִּׁלוֹ וּמִשֹּׁמְרוֹן שְׁמֹנִים אִישׁ
מְגֻלְּחֵי זָקָן וּקְרֻעֵי בְגָדִים וּמִתְגֹּדְדִים וּמִנְחָה וּלְבוֹנָה בְּיָדָם
ו לְהָבִיא בֵּית יְהוָה׃ וַיֵּצֵא יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה לִקְרָאתָם
מִן־הַמִּצְפָּה הֹלֵךְ הָלֹךְ וּבֹכֶה וַיְהִי כִּפְגֹשׁ אֹתָם וַיֹּאמֶר
ז אֲלֵיהֶם בֹּאוּ אֶל־גְּדַלְיָהוּ בֶן־אֲחִיקָם׃ וַיְהִי כְּבוֹאָם אֶל־
תּוֹךְ הָעִיר וַיִּשְׁחָטֵם יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה אֶל־תּוֹךְ הַבּוֹר
ח הוּא וְהָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־אִתּוֹ׃ וַעֲשָׂרָה אֲנָשִׁים נִמְצְאוּ־בָם
וַיֹּאמְרוּ אֶל־יִשְׁמָעֵאל אַל־תְּמִתֵנוּ כִּי־יֶשׁ־לָנוּ מַטְמֹנִים
בַּשָּׂדֶה חִטִּים וּשְׂעֹרִים וְשֶׁמֶן וּדְבָשׁ וַיֶּחְדַּל וְלֹא הֱמִיתָם

מ, טז׳ תעשה קרי

בְּתוֹךְ אֲחֵיהֶם׃ וְהַבּוֹר אֲשֶׁר הִשְׁלִיךְ שָׁם יִשְׁמָעֵאל אֵת ׀ ט
כָּל־פִּגְרֵי הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר הִכָּה בְּיַד־גְּדַלְיָהוּ הוּא אֲשֶׁר
עָשָׂה הַמֶּלֶךְ אָסָא מִפְּנֵי בַּעְשָׁא מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֹתוֹ מִלֵּא
יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָהוּ חֲלָלִים׃ וַיִּשְׁבְּ ׀ יִשְׁמָעֵאל אֶת־כָּל־ י
שְׁאֵרִית הָעָם אֲשֶׁר בַּמִּצְפָּה אֶת־בְּנוֹת הַמֶּלֶךְ וְאֶת־כָּל־
הָעָם הַנִּשְׁאָרִים בַּמִּצְפָּה אֲשֶׁר הִפְקִיד נְבוּזַרְאֲדָן רַב־
טַבָּחִים אֶת־גְּדַלְיָהוּ בֶּן־אֲחִיקָם וַיִּשְׁבֵּם יִשְׁמָעֵאל בֶּן־
נְתַנְיָה וַיֵּלֶךְ לַעֲבֹר אֶל־בְּנֵי עַמּוֹן׃ וַיִּשְׁמַע יוֹחָנָן בֶּן־קָרֵחַ יא
וְכָל־שָׂרֵי הַחֲיָלִים אֲשֶׁר אִתּוֹ אֵת כָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר עָשָׂה
יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה׃ וַיִּקְחוּ אֶת־כָּל־הָאֲנָשִׁים וַיֵּלְכוּ לְהִלָּחֵם יב
עִם־יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה וַיִּמְצְאוּ אֹתוֹ אֶל־מַיִם רַבִּים אֲשֶׁר
בְּגִבְעוֹן׃ וַיְהִי כִּרְאוֹת כָּל־הָעָם אֲשֶׁר אֶת־יִשְׁמָעֵאל אֶת־ יג
יוֹחָנָן בֶּן־קָרֵחַ וְאֵת כָּל־שָׂרֵי הַחֲיָלִים אֲשֶׁר אִתּוֹ וַיִּשְׂמָחוּ׃
וַיָּסֹבּוּ כָּל־הָעָם אֲשֶׁר־שָׁבָה יִשְׁמָעֵאל מִן־הַמִּצְפָּה וַיָּשֻׁבוּ יד
וַיֵּלְכוּ אֶל־יוֹחָנָן בֶּן־קָרֵחַ׃ וְיִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה נִמְלַט טו
בִּשְׁמֹנָה אֲנָשִׁים מִפְּנֵי יוֹחָנָן וַיֵּלֶךְ אֶל־בְּנֵי עַמּוֹן׃ וַיִּקַּח טז
יוֹחָנָן בֶּן־קָרֵחַ וְכָל־שָׂרֵי הַחֲיָלִים אֲשֶׁר־אִתּוֹ אֵת כָּל־
שְׁאֵרִית הָעָם אֲשֶׁר הֵשִׁיב מֵאֵת יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה מִן־
הַמִּצְפָּה אַחַר הִכָּה אֶת־גְּדַלְיָה בֶּן־אֲחִיקָם גְּבָרִים אַנְשֵׁי
הַמִּלְחָמָה וְנָשִׁים וְטַף וְסָרִסִים אֲשֶׁר הֵשִׁיב מִגִּבְעוֹן׃
וַיֵּלְכוּ וַיֵּשְׁבוּ בְּגֵרוּת כִּמְוֹהָם אֲשֶׁר־אֵצֶל בֵּית לָחֶם לָלֶכֶת יז
לָבוֹא מִצְרָיִם׃ מִפְּנֵי הַכַּשְׂדִּים כִּי יָרְאוּ מִפְּנֵיהֶם כִּי־הִכָּה יח
יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה אֶת־גְּדַלְיָהוּ בֶּן־אֲחִיקָם אֲשֶׁר־הִפְקִיד
מֶלֶךְ־בָּבֶל בָּאָרֶץ׃

מב

וַיִּגְּשׁוּ כָּל־שָׂרֵי הַחֲיָלִים וְיוֹחָנָן בֶּן־קָרֵחַ וִיזַנְיָה בֶּן־הוֹשַׁעְיָה א
וְכָל־הָעָם מִקָּטֹן וְעַד־גָּדוֹל׃ וַיֹּאמְרוּ אֶל־יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא ב

---

מא, יז כמהם סי'

ברידער. 9 און די גרוב וואָס יִשְׁמָעֵאל האָט אַהין אַריינגעוואָרפֿן די טויטע לייבער פֿון די מענטשן וואָס ער האָט דערשלאָגן לעבן גדַליָהון, דאָס איז געווען די וואָס דער מלך אָסאָ האָט געמאַכט אויס מורא פאַר בַּעְשָׁאָ דעם מלך פֿון ישׂראל; זי האָט יִשְׁמָעֵאל דער זון פֿון נתַניָהן אָנגעפֿילט מיט דערשלאָגענע.

10 און יִשְׁמָעֵאל האָט געפֿאַנגען דעם גאַנצן איבערבלייב פֿון פֿאָלק וואָס אין מִצפָּה, די טעכטער פֿון מלך, און דאָט גאַנצע פֿאָלק וואָס זיינען געבליבן אין מִצפָּה, וואָס נבוזַרְאַדָן דעם הויפּט פֿון דעם לייַב־חיל האָט געלאָזן אונטער גדַליָהו דעם זון פֿון אַחיקָמען; האָט זיי יִשְׁמָעֵאל דער זון פֿון נתַניָהן געפֿאַנגען, און ער איז אַוועק אַריבערצוגיין צו די קינדער פֿון עַמון.

11 האָט געהערט יוֹחָנָן דער זון פֿון קָרֵחַן, און אַלע הויפּטלייט פֿון חיל וואָס מיט אים, דאָס גאַנצע בייז וואָס יִשְׁמָעֵאל דער זון פֿון נתַניָהן האָט אָפּגעטאָן. 12 און זיי האָבן גענומען אַלע מענער, און זיינען געגאַנגען מלחמה האַלטן מיט יִשְׁמָעֵאל דעם זון פֿון נתַניָהן, און האָבן אים געפֿונען ביים גרויסן וואַסער וואָס אין גִבְעוֹן. 13 און עס איז געווען, ווי דאָס גאַנצע פֿאָלק וואָס מיט יִשְׁמָעֵאלן האָבן דערזען יוֹחָנָן דעם זון פֿון קָרֵחַן, און אַלע הויפּטלייט פֿון חיל מיט אים, אַזוי האָבן זיי זיך דערפֿרייט. 14 און דאָס גאַנצע פֿאָלק וואָס יִשְׁמָעֵאל האָט גענומען געפֿאַנגען פֿון מִצפָּה, האָבן זיך אויסגעדרייט און זיך אומגעקערט, און זיינען אַוועקגעגאַנגען צו יוֹחָנָן דעם זון פֿון קָרֵחַן. 15 און יִשְׁמָעֵאל דער זון פֿון נתַניָהן איז אַנטרונען געוואָרן פֿון יוֹחָנָנען, מיט אַכט מאַן, און איז אַוועק צו די קינדער פֿון עַמון.

16 און יוֹחָנָן דער זון פֿון קָרֵחַן, און אַלע הויפּטלייט פֿון חיל וואָס מיט אים, האָבן גענומען דעם גאַנצן איבערבלייב פֿון דעם פֿאָלק וואָס ער האָט אומגעקערט פֿון יִשְׁמָעֵאל דעם זון פֿון נתַניָהן, פֿון מִצפָּה, נאָכדעם ווי יענער האָט דערשלאָגן גדַליָה דעם זון פֿון אַחיקָמען—די מענער די מלחמה־לייט, און די ווייבער, און די קינדער, און די הויפֿדינער, וואָס ער האָט אומגעקערט פֿון גִבְעוֹן; 17 און זיי זיינען געגאַנגען, און זיינען געזעסן אין גֵרוּת־כִּמְהָם וואָס ביי בֵּית־לֶחֶם, כּדי צו גיין קומען קיין מִצרַיִם 18 פֿון וועגן די כַּשׂדים; וואָרום זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַר זיי, ווייל יִשְׁמָעֵאל דער זון פֿון נתַניָהן האָט דערשלאָגן גדַליָהו דעם זון פֿון אַחיקָמען, וואָס דער מלך פֿון בָּבל האָט אויפֿגעזעצט איבערן לאַנד.

מב 1 און אַלע הויפּטלייט פֿון חיל, און יוֹחָנָן דער זון פֿון קָרֵחַן, און יזַניָה דער זון פֿון הוֹשַׁעיָהן, און דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון קליין ביז גרויס, האָבן גענענט, 2 און האָבן געזאָגט צו יִרמיָהו הנביא: זאָל, איך בעט

תִּפָּל־נָא תְחִנָּתֵנוּ לְפָנֶיךָ וְהִתְפַּלֵּל בַּעֲדֵנוּ אֶל־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
בְּעַד כָּל־הַשְּׁאֵרִית הַזֹּאת כִּי־נִשְׁאַרְנוּ מְעַט מֵהַרְבֵּה כַּאֲשֶׁר
ג עֵינֶיךָ רֹאוֹת אֹתָנוּ׃ וְיַגֶּד־לָנוּ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֶת־הַדֶּרֶךְ
ד אֲשֶׁר־נֵלֶךְ בָּהּ וְאֶת־הַדָּבָר אֲשֶׁר נַעֲשֶׂה׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם
יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא שָׁמַעְתִּי הִנְנִי מִתְפַּלֵּל אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
כְּדִבְרֵיכֶם וְהָיָה כָּל־הַדָּבָר אֲשֶׁר־יַעֲנֶה יְהוָה אֶתְכֶם אַגִּיד
ה לָכֶם לֹא־אֶמְנַע מִכֶּם דָּבָר׃ וְהֵמָּה אָמְרוּ אֶל־יִרְמְיָהוּ יְהִי
יְהוָה בָּנוּ לְעֵד אֱמֶת וְנֶאֱמָן אִם־לֹא כְּכָל־הַדָּבָר אֲשֶׁר
ו יִשְׁלָחֲךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֵלֵינוּ כֵּן נַעֲשֶׂה׃ אִם־טוֹב וְאִם־
רָע בְּקוֹל ׀ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ אֲשֶׁר אֲנוּ שֹׁלְחִים אֹתְךָ אֵלָיו
נִשְׁמָע לְמַעַן אֲשֶׁר יִיטַב־לָנוּ כִּי נִשְׁמַע בְּקוֹל יְהוָה
ז אֱלֹהֵינוּ׃ וַיְהִי מִקֵּץ עֲשֶׂרֶת יָמִים וַיְהִי דְבַר־יְהוָה
ח אֶל־יִרְמְיָהוּ׃ וַיִּקְרָא אֶל־יוֹחָנָן בֶּן־קָרֵחַ וְאֶל כָּל־שָׂרֵי
ט הַחֲיָלִים אֲשֶׁר אִתּוֹ וּלְכָל־הָעָם לְמִקָּטֹן וְעַד־גָּדוֹל׃ וַיֹּאמֶר
אֲלֵיהֶם כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר שְׁלַחְתֶּם אֹתִי
י אֵלָיו לְהַפִּיל תְּחִנַּתְכֶם לְפָנָיו׃ אִם־שׁוֹב תֵּשְׁבוּ בָּאָרֶץ
הַזֹּאת וּבָנִיתִי אֶתְכֶם וְלֹא אֶהֱרֹס וְנָטַעְתִּי אֶתְכֶם וְלֹא
יא אֶתּוֹשׁ כִּי נִחַמְתִּי אֶל־הָרָעָה אֲשֶׁר עָשִׂיתִי לָכֶם׃ אַל־
תִּירְאוּ מִפְּנֵי מֶלֶךְ בָּבֶל אֲשֶׁר־אַתֶּם יְרֵאִים מִפָּנָיו אַל־
תִּירְאוּ מִמֶּנּוּ נְאֻם־יְהוָה כִּי־אִתְּכֶם אֲנִי לְהוֹשִׁיעַ אֶתְכֶם
יב וּלְהַצִּיל אֶתְכֶם מִיָּדוֹ׃ וְאֶתֵּן לָכֶם רַחֲמִים וְרִחַם אֶתְכֶם
יג וְהֵשִׁיב אֶתְכֶם אֶל־אַדְמַתְכֶם׃ וְאִם־אֹמְרִים אַתֶּם לֹא נֵשֵׁב
יד בָּאָרֶץ הַזֹּאת לְבִלְתִּי שְׁמֹעַ בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ לֵאמֹר
לֹא כִּי אֶרֶץ מִצְרַיִם נָבוֹא אֲשֶׁר לֹא־נִרְאֶה מִלְחָמָה וְקוֹל
טו שׁוֹפָר לֹא נִשְׁמָע וְלַלֶּחֶם לֹא־נִרְעָב וְשָׁם נֵשֵׁב׃ וְעַתָּה
לָכֵן שִׁמְעוּ דְבַר־יְהוָה שְׁאֵרִית יְהוּדָה כֹּה־אָמַר יְהוָה
צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אִם־אַתֶּם שׂוֹם תְּשִׂמוּן פְּנֵיכֶם לָבֹא

ב׳ כצ״ל בסגל   ו׳ אנחנו קרי   יד׳ כסא דהע בקמץ

דיך, פאַלן אונדזער געבעט פאַר דיר, און זײַ מתפּלל צו יהוה דײַן גאָט פאַר אונדז, פאַר דעמדאָזיקן גאַנצן איבער־בלײַב, וואָרום מיר זײַנען פון פיל געבליבן ווייניק, אַזוי ווי דײַנע אויגן זעען אונדז. [3] און זאָל יהוה דײַן גאָט אונדז זאָגן דעם וועג וואָס מיר זאָלן אויף אים גיין, און די זאַך וואָס מיר זאָלן טאָן.

[4] האָט ירמיָהו הנביא צו זיי געזאָגט: איך האָב געהערט; אָט בין איך מתפּלל צו יהוה אײַער גאָט, אַזוי ווי אײַערע ווערטער; און עס וועט זײַן, איטלעך וואָרט וואָס יהוה וועט אײַך ענטפערן, וועל איך אײַך דערציילן; איך וועל ניט פאַרמײַדן פון אײַך אַ וואָרט.

[5] האָבן זיי געזאָגט צו ירמיָהון: זאָל יהוה זײַן אַן אמתער און באַגלויבטער עדות אַקעגן אונדז, אויב ניט אַזוי ווי איטלעך וואָרט מיט וואָס יהוה דײַן גאָט וועט דיך שיקן צו אונדז, אַזוי וועלן מיר טאָן. [6] סײַ גוט און סײַ שלעכט וועלן מיר צוהערן צו דעם קָול פון יהוה אונדזער גאָט, וואָס מיר שיקן דיך צו אים; כּדי אונדז זאָל גוט זײַן, אַז מיר וועלן צוהערן צו דעם קָול פון יהוה אונדזער גאָט.

[7] און עס איז געווען צום סָוף פון צען טעג, איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו ירמיָהון. [8] און ער האָט גערופן יוחָנָן דעם זון פון קָרֵחַן, און אַלע הויפּטלײַט פון חיל וואָס מיט אים, און דאָס גאַנצע פאָלק פון קליין ביז גרויס. [9] און ער האָט צו זיי געזאָגט:

אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל,
וואָס איר האָט מיך צו אים געשיקט,
צו מאַכן פאַלן אײַער געבעט פאַר אים:
[10] אויב בלײַבן וועט איר בלײַבן אין דעמדאָזיקן לאַנד
וועל איך אײַך אויפבויען און ניט צעשטערן,
און וועל אײַך אײַנפלאַנצן און ניט אויסרײַסן,
וואָרום איך האָב חרטה אויף דעם בייז
וואָס איך האָב אײַך געטאָן.
[11] איר זאָלט ניט מורא האָבן פאַר דעם מלך פון בָּבֶל,
וואָס איר האָט מורא פאַר אים;
איר זאָלט ניט מורא האָבן פאַר אים, זאָגט גאָט,
וואָרום איך בין מיט אײַך, אײַך צו העלפן,
און אײַך מציל צו זײַן פון זײַן האַנט.
[12] און איך וועל אײַך געבן דערבאַרימונג,
און ער וועט אײַך דערבאַרימען,
און וועט אײַך אומקערן אויף אײַער ערד.

[13] אויב אָבער איר זאָגט: מיר וועלן ניט בלײַבן אין דעמדאָזיקן לאַנד—ניט צוצוהערן צו דעם קָול פון יהוה אײַער גאָט, [14] אַזוי צו זאָגן: ניין, נײַערט קיין לאַנד מִצרַיִם וועלן מיר גיין, וווּ מיר וועלן ניט זען קיין מלחמה, און ניט הערן דעם קָול פון אַ שופר, און מיר וועלן ניט הונגערן נאָך ברויט; און דאָרטן וועלן מיר וווינען— [15] טאָ אַצונד הערט דרום דאָס וואָרט פון גאָט, איר איבערבלײַב פון יהודה:

אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבָאות,
דער גאָט פון ישׂראל:
אויב קערן וועט איר קערן אײַער פּנים
צו קומען קיין מִצרַיִם,

מִצְרַיִם וּבָאתֶם לָגוּר שָׁם׃ וְהָיְתָה הַחֶרֶב אֲשֶׁר אַתֶּם
טז יְרֵאִים מִמֶּנָּה שָׁם תַּשִּׂיג אֶתְכֶם בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְהָרָעָב
אֲשֶׁר־אַתֶּם ׀ דֹּאֲגִים מִמֶּנּוּ שָׁם יִדְבַּק אַחֲרֵיכֶם מִצְרַיִם
יז וְשָׁם תָּמֻתוּ׃ וְיִהְיוּ כָל־הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־שָׂמוּ אֶת־פְּנֵיהֶם
לָבוֹא מִצְרַיִם לָגוּר שָׁם יָמוּתוּ בַּחֶרֶב בָּרָעָב וּבַדָּבֶר וְלֹא־
יִהְיֶה לָהֶם שָׂרִיד וּפָלִיט מִפְּנֵי הָרָעָה אֲשֶׁר אֲנִי מֵבִיא
יח עֲלֵיהֶם׃ כִּי כֹה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר
נִתַּךְ אַפִּי וַחֲמָתִי עַל־יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלַםִ כֵּן תִּתַּךְ חֲמָתִי
עֲלֵיכֶם בְּבֹאֲכֶם מִצְרָיִם וִהְיִיתֶם לְאָלָה וּלְשַׁמָּה וְלִקְלָלָה
יט וּלְחֶרְפָּה וְלֹא־תִרְאוּ עוֹד אֶת־הַמָּקוֹם הַזֶּה׃ דִּבֶּר יְהוָה
עֲלֵיכֶם שְׁאֵרִית יְהוּדָה אַל־תָּבֹאוּ מִצְרָיִם יָדֹעַ תֵּדְעוּ כִּי־
כ הַעִידֹתִי בָכֶם הַיּוֹם׃ כִּי הִתְעֵתֶים בְּנַפְשׁוֹתֵיכֶם כִּי־אַתֶּם
שְׁלַחְתֶּם אֹתִי אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם לֵאמֹר הִתְפַּלֵּל בַּעֲדֵנוּ
אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וּכְכֹל אֲשֶׁר יֹאמַר יְהוָה אֱלֹהֵינוּ כֵּן
כא הַגֶּד־לָנוּ וְעָשִׂינוּ׃ וָאַגִּד לָכֶם הַיּוֹם וְלֹא שְׁמַעְתֶּם בְּקוֹל
כב יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם וּלְכֹל אֲשֶׁר־שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם׃ וְעַתָּה יָדֹעַ
תֵּדְעוּ כִּי בַּחֶרֶב בָּרָעָב וּבַדֶּבֶר תָּמוּתוּ בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר
חֲפַצְתֶּם לָבוֹא לָגוּר שָׁם׃

מג

א וַיְהִי כְּכַלּוֹת יִרְמְיָהוּ לְדַבֵּר אֶל־כָּל־הָעָם אֶת־כָּל־דִּבְרֵי
יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם אֲשֶׁר שְׁלָחוֹ יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם אֲלֵיהֶם אֵת
ב כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ וַיֹּאמֶר עֲזַרְיָה בֶן־הוֹשַׁעְיָה
וְיוֹחָנָן בֶּן־קָרֵחַ וְכָל־הָאֲנָשִׁים הַזֵּדִים אֹמְרִים אֶל־יִרְמְיָהוּ
שֶׁקֶר אַתָּה מְדַבֵּר לֹא שְׁלָחֲךָ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ לֵאמֹר לֹא־
ג תָבֹאוּ מִצְרַיִם לָגוּר שָׁם׃ כִּי בָּרוּךְ בֶּן־נֵרִיָּה מַסִּית אֹתְךָ
בָּנוּ לְמַעַן תֵּת אֹתָנוּ בְיַד־הַכַּשְׂדִּים לְהָמִית אֹתָנוּ וּלְהַגְלוֹת
ד אֹתָנוּ בָּבֶל׃ וְלֹא־שָׁמַע יוֹחָנָן בֶּן־קָרֵחַ וְכָל־שָׂרֵי הַחֲיָלִים

סנ, כ׳ התעיתם קרי

און איר וועט קומען וווינען דאָרטן,

16 איז, די שווערד וואָס איר האָט מורא פאַר איר,
וועט אײַך דאָרטן דערגרייכן אין לאַנד מִצרַיִם,
און דער הונגער וואָס איר דאגהט זיך וועגן אים,
וועט אײַך אָניאָגן דאָרטן אין מִצרַיִם,
און דאָרטן וועט איר שטאַרבן.

17 און געשען וועט מיט אַלע מענטשן
וואָס האָבן געקערט זייער פּנים צו קומען קיין מִצרַיִם,
צו וווינען דאָרטן,
אַז זיי וועלן שטאַרבן פון דער שווערד,
פונעם הונגער, און פון דער פּעסט,
און פון זיי וועט ניט זיין אַ געבליבענער אָדער אַנטרו־
נענער,
פון וועגן דעם בייז וואָס איך ברענג אויף זיי.

18 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבָאוֹת,
דער גאָט פון ישׂראל:
אַזוי ווי מיין כּעס און מיין גרימצאָרן איז אויסגעגאָסן
געוואָרן
אויף די באַווינער פון ירושָלַיִם,
אַזוי וועט אויסגעגאָסן ווערן מיין גרימצאָרן אויף אײַך,
ווען איר קומט קיין מִצרַיִם,
און איר וועט זיין פאַר אַ פלוך, און פאַר אַ שרעק,
און פאַר אַ קללה, און פאַר אַ שאַנד;
און איר וועט מער ניט אָנזען דעמדאָזיקן אָרט.

19 גאָט האָט אָנגעזאָגט וועגן אײַך, איר איבערבלייב
פון יהודה: איר זאָלט ניט גיין קיין מִצרַיִם; וויסן זאָלט איר
וויסן זיין אַז איך האָב אײַך היינט געוואָרנט. 20 וואָרום איר האָט אַן אָפּנאַר באַגאַנגען אַקעגן אײַער זעל, ווען
איר האָט מיך געשיקט צו יהוה אײַער גאָט, אַזוי צו זאָגן: זיי מתפלל פאַר אונדז צו יהוה אונדזער גאָט, און אַזוי ווי
אַלץ וואָס יהוה אונדזער גאָט וועט הייסן, אַזוי זאָג אונדז, און מיר וועלן טאָן. 21 און איך האָב אײַך היינט געזאָגט, אָבער
איר הערט ניט צו דעם קָול פון יהוה אײַער גאָט, און צו אַלץ מיט וואָס ער האָט מיך געשיקט צו אײַך. 22 און אַצונד וויסן
זאָלט איר וויסן זיין, אַז פון שווערד, פון הונגער, און פון פּעסט וועט איר שטאַרבן אין דעם אָרט וואָס איר ווילט קומען
וווינען דאָרטן.

מג 1 און עס איז געווען, ווי ירמיָהו האָט געענדיקט רעדן צום גאַנצן פאָלק אַלע ווערטער פון יהוה זייער גאָט, מיט
וואָס יהוה זייער גאָט האָט אים געשיקט צו זיי, אַלע דידאָזיקע ווערטער, 2 אַזוי האָט גערעדט עֲזַריָה דער זון פון
הוֹשַעיָהן, און יוֹחָנָן דער זון פון קָרֵחַן, און אַלע מוטווילִיקע לייט, זאָגנדיק צו ירמיָהון: ליגן זאָגסטו! ניט יהוה אונדזער גאָט
האָט דיך געשיקט זאָגן: איר זאָלט ניט קומען קיין מִצרַיִם צו וווינען דאָרטן; 3 נייערט בָּרוּך דער זון פון נֵריָהן רעדט דיך
אָן אויף אונדז, כּדי אונדז איבערצוגעבן אין דער האַנט פון די כַּשׂדים אונדז צו טייטן, אָדער אונדז צו פאַרטרייבן קיין
בָּבל.

4 און יוֹחָנָן דער זון פון קָרֵחַן, און אַלע הויפּטלייט פון חיל, און דאָס גאַנצע פאָלק, האָבן ניט צוגעהערט צו דעם

קָול פון גאָט, צו בלייבן אין לאַנד יהודה. 5 און יוֹחָנָן דער
זון פון קָרֵחַ, און אַלע הויפּטלייט פון חיל, האָבן גענומען
דעם גאַנצן איבערבלייב פון יהודה וואָס האָבן זיך אומ־
געקערט פון אַלע פעלקער וואָס זיי זיינען פאַרשטויסן
געוואָרן אַהין, כדי צו וווינען אין לאַנד יהודה: 6 די מענער,
און די ווייבער, און די קינדער, און דעם מלכס טעכטער,
און אַלע נפשות וואָס נבוזַרְאַדָן דער הויפּט פון דעם לייב־
חיל האָט געלאָזט מיט גדַליָהו דעם זון פון אַחיקָם דעם זון
פון שָׁפָנען, און יִרמְיָהו הנביאן, און בָּרוך דעם זון פון
נֵרִיָהון; 7 און זיי זיינען געקומען קיין לאַנד מִצרַיִם; וואָרום
זיי האָבן ניט צוגעהערט צו דעם קָול פון גאָט; און זיי זיינען
געקומען ביז תַּחפַּנחֵס.

8 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו יִרמְיָהון אין
תַּחפַּנחֵס, אַזוי צו זאָגן: 9 נעם מיט דיין האַנט גרויסע
שטיינער, און זאָלסט זיי באַהאַלטן אין וואַפּנע, אין דעם
ציגלפלאַסטער וואָס ביים אַיינגאַנג פון פַּרעהס הויז אין
תַּחפַּנחֵס, פאַר די אויגן פון די מענער פון יהודה; 10 און
זאָלסט זאָגן צו זיי:

אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבָאות, דער גאָט פון ישׂראל:
זע, איך שיק און וועל נעמען
נבוכַדרֶאצַר דעם מלך פון בָּבל, מיין קנעכט,
און איך וועל שטעלן זיין טראָן
איבער דידאָזיקע שטיינער וואָס איך האָב באַהאַלטן,
און ער וועט אויסשפּרייטן זיין פּראַכטגעצעלט איבער
זיי.
11 און ער וועט קומען, און וועט שלאָגן דאָס לאַנד מִצרַיִם;
וועמען צום טויט צום טויט,
און וועמען צו געפאַנגענשאַפט צו געפאַנגענשאַפט,
און וועמען צום שווערד צום שווערד.
12 און איך וועל אָנצינדן אַ פייער
אין די הייזער פון די געטער פון מִצרַיִם;
און ער וועט זיי פאַרברענען,
אָדער זיי נעמען געפאַנגען;
און ער וועט צונויפוויקלען דאָס לאַנד מִצרַיִם,
ווי אַ פּאַסטוך וויקלט צונויף זיין בגד;
און ער וועט אַרויס פון דאָרטן בשלום.
13 און ער וועט צעברעכן די זיילשטיינער פון בֵּית־שֶׁמֶש
וואָס אין לאַנד מִצרַיִם;
און די הייזער פון די געטער פון מִצרַיִם
וועט ער פאַרברענען אין פייער.

ה וְכָל־הָעָם בְּקוֹל יְהוָה לָשֶׁבֶת בְּאֶרֶץ יְהוּדָה׃ וַיִּקַּח יוֹחָנָן
בֶּן־קָרֵחַ וְכָל־שָׂרֵי הַחֲיָלִים אֵת כָּל־שְׁאֵרִית יְהוּדָה אֲשֶׁר־
שָׁבוּ מִכָּל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר נִדְּחוּ־שָׁם לָגוּר בְּאֶרֶץ יְהוּדָה׃
ו אֶת־הַגְּבָרִים וְאֶת־הַנָּשִׁים וְאֶת־הַטַּף וְאֶת־בְּנוֹת הַמֶּלֶךְ
וְאֵת כָּל־הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר הִנִּיחַ נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים אֶת־
גְּדַלְיָהוּ בֶּן־אֲחִיקָם בֶּן־שָׁפָן וְאֵת יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא וְאֶת־
ז בָּרוּךְ בֶּן־נֵרִיָּהוּ׃ וַיָּבֹאוּ אֶרֶץ מִצְרַיִם כִּי לֹא שָׁמְעוּ בְּקוֹל
ח יְהוָה וַיָּבֹאוּ עַד־תַּחְפַּנְחֵס׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֶל־
ט יִרְמְיָהוּ בְּתַחְפַּנְחֵס לֵאמֹר׃ קַח בְּיָדְךָ אֲבָנִים גְּדֹלוֹת
וּטְמַנְתָּם בַּמֶּלֶט בַּמַּלְבֵּן אֲשֶׁר בְּפֶתַח בֵּית־פַּרְעֹה
י בְּתַחְפַּנְחֵס לְעֵינֵי אֲנָשִׁים יְהוּדִים׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה־
אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הִנְנִי שֹׁלֵחַ וְלָקַחְתִּי אֶת־
נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל עַבְדִּי וְשַׂמְתִּי כִסְאוֹ מִמַּעַל
לָאֲבָנִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר טָמָנְתִּי וְנָטָה אֶת־שַׁפְרוּרוֹ עֲלֵיהֶם׃
יא וּבָאָה וְהִכָּה אֶת־אֶרֶץ מִצְרָיִם אֲשֶׁר לַמָּוֶת לַמָּוֶת וַאֲשֶׁר
יב לַשְּׁבִי לַשֶּׁבִי וַאֲשֶׁר לַחֶרֶב לֶחָרֶב׃ וְהִצַּתִּי אֵשׁ בְּבָתֵּי
אֱלֹהֵי מִצְרַיִם וּשְׂרָפָם וְשָׁבָם וְעָטָה אֶת־אֶרֶץ מִצְרַיִם
יג כַּאֲשֶׁר־יַעְטֶה הָרֹעֶה אֶת־בִּגְדוֹ וְיָצָא מִשָּׁם בְּשָׁלוֹם׃ וְשִׁבַּר
אֶת־מַצְּבוֹת בֵּית שֶׁמֶשׁ אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְאֶת־בָּתֵּי
אֱלֹהֵי־מִצְרַיִם יִשְׂרֹף בָּאֵשׁ׃

מד

א הַדָּבָר אֲשֶׁר הָיָה אֶל־יִרְמְיָהוּ אֶל כָּל־הַיְּהוּדִים הַיֹּשְׁבִים
בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם הַיֹּשְׁבִים בְּמִגְדֹּל וּבְתַחְפַּנְחֵס וּבְנֹף וּבְאֶרֶץ
ב פַּתְרוֹס לֵאמֹר׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
אַתֶּם רְאִיתֶם אֵת כָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר הֵבֵאתִי עַל־יְרוּשָׁלַםִ
וְעַל כָּל־עָרֵי יְהוּדָה וְהִנָּם חָרְבָּה הַיּוֹם הַזֶּה וְאֵין בָּהֶם
ג יוֹשֵׁב׃ מִפְּנֵי רָעָתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ לְהַכְעִסֵנִי לָלֶכֶת לְקַטֵּר

מג, י׳ שפרירו קרי יא׳ ובא קרי

מד 1 דאָס וואָרט [פון גאָט] וואָס איז געווען צו יִרמְיָהון ווען אַלע ייִדן וואָס זיינען געזעסן אין לאַנד מִצרַיִם,
די וואָס זיינען געזעסן אין מִגדול, און אין תַּחפַּנחֵס, און אין נוֹף, און אין לאַנד פַּתרוֹס, אַזוי צו זאָגן: 2 אַזוי
האָט געזאָגט יהוה פון צבָאות, דער גאָט פון ישׂראל: איר האָט געזען דאָס גאַנצע בייז וואָס איך האָב געבראַכט אויף
ירושָׁלַיִם, און אויף אַלע שטעט פון יהודה; און אָט זיינען זיי אַ וויסטעניש הייִנטיקן טאָג, און קיינער וווינט ניט
אין זיי; 3 פון וועגן זייער בייז וואָס זיי האָבן געטאָן, מיך צו דערצערענען, צו גיין רייכערן און דינען צו פרעמדע

לַעֲבֹד לֵאלֹהִים אֲחֵרִים אֲשֶׁר לֹא יְדָעוּם הֵמָּה אַתֶּם
ד וַאֲבֹתֵיכֶם׃ וָאֶשְׁלַח אֲלֵיכֶם אֶת־כָּל־עֲבָדַי הַנְּבִיאִים הַשְׁכֵּים
וְשָׁלֹחַ לֵאמֹר אַל־נָא תַעֲשׂוּ אֵת דְּבַר־הַתֹּעֵבָה הַזֹּאת אֲשֶׁר
ה שָׂנֵאתִי׃ וְלֹא שָׁמְעוּ וְלֹא־הִטּוּ אֶת־אָזְנָם לָשׁוּב מֵרָעָתָם
ו לְבִלְתִּי קַטֵּר לֵאלֹהִים אֲחֵרִים׃ וַתִּתַּךְ חֲמָתִי וְאַפִּי וַתִּבְעַר
בְּעָרֵי יְהוּדָה וּבְחֻצוֹת יְרוּשָׁלָ͏ִם וַתִּהְיֶינָה לְחָרְבָּה לִשְׁמָמָה
ז כַּיּוֹם הַזֶּה׃ וְעַתָּה כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי צְבָאוֹת
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל לָמָה אַתֶּם עֹשִׂים רָעָה גְדוֹלָה אֶל־
נַפְשֹׁתֵכֶם לְהַכְרִית לָכֶם אִישׁ־וְאִשָּׁה עוֹלֵל וְיוֹנֵק מִתּוֹךְ
ח יְהוּדָה לְבִלְתִּי הוֹתִיר לָכֶם שְׁאֵרִית׃ לְהַכְעִסֵנִי בְּמַעֲשֵׂי
יְדֵיכֶם לְקַטֵּר לֵאלֹהִים אֲחֵרִים בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם אֲשֶׁר־אַתֶּם
בָּאִים לָגוּר שָׁם לְמַעַן הַכְרִית לָכֶם וּלְמַעַן הֱיוֹתְכֶם
ט לִקְלָלָה וּלְחֶרְפָּה בְּכֹל גּוֹיֵ הָאָרֶץ׃ הַשְׁכַחְתֶּם אֶת־רָעוֹת
אֲבוֹתֵיכֶם וְאֶת־רָעוֹת ׀ מַלְכֵי יְהוּדָה וְאֵת רָעוֹת נָשָׁיו
וְאֵת רָעֹתֵכֶם וְאֵת רָעֹת נְשֵׁיכֶם אֲשֶׁר עָשׂוּ בְּאֶרֶץ יְהוּדָה
י וּבְחֻצוֹת יְרוּשָׁלָ͏ִם׃ לֹא דֻכְּאוּ עַד הַיּוֹם הַזֶּה וְלֹא יָרְאוּ
וְלֹא־הָלְכוּ בְתוֹרָתִי וּבְחֻקֹּתַי אֲשֶׁר־נָתַתִּי לִפְנֵיכֶם וְלִפְנֵי
יא אֲבוֹתֵיכֶם׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל הִנְנִי שָׂם פָּנַי בָּכֶם לְרָעָה וּלְהַכְרִית אֶת־כָּל־יְהוּדָה׃
יב וְלָקַחְתִּי אֶת־שְׁאֵרִית יְהוּדָה אֲשֶׁר־שָׂמוּ פְנֵיהֶם לָבוֹא
אֶרֶץ־מִצְרַיִם לָגוּר שָׁם וְתַמּוּ כֹל בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם יִפֹּלוּ
בַּחֶרֶב בָּרָעָב יִתַּמּוּ מִקָּטֹן וְעַד־גָּדוֹל בַּחֶרֶב וּבָרָעָב יָמֻתוּ
יג וְהָיוּ לְאָלָה *לְשַׁמָּה וְלִקְלָלָה וּלְחֶרְפָּה׃ וּפָקַדְתִּי עַל
הַיּוֹשְׁבִים בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם כַּאֲשֶׁר פָּקַדְתִּי עַל־יְרוּשָׁלָ͏ִם
יד בַּחֶרֶב בָּרָעָב וּבַדָּבֶר׃ וְלֹא יִהְיֶה פָּלִיט וְשָׂרִיד לִשְׁאֵרִית
יְהוּדָה הַבָּאִים לָגוּר־שָׁם בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְלָשׁוּב ׀ אֶרֶץ
יְהוּדָה אֲשֶׁר־הֵמָּה מְנַשְּׂאִים אֶת־נַפְשָׁם לָשׁוּב לָשֶׁבֶת שָׁם
טו כִּי לֹא־יָשׁוּבוּ כִּי אִם־פְּלֵטִים׃ וַיַּעֲנוּ אֶת־יִרְמְיָהוּ

יב׳ ס״א ולשמה

געטער וואָס ניט זיי האָבן זיי געקענט, ניט איר, און ניט אײַערע עלטערן. 4 און איך האָב צו אײַך געשיקט אַלע מיינע קנעכט די נביאים, נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד געשיקט, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט ניט טאָן די דאָזיקע אומווערדיקע זאַך וואָס איך האָב פײַנט. 5 אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט און ניט צוגענייגט זייער אויער, זיך אומצוקערן פון זייער שלעכטיקייט, ניט צו רייכערן צו פרעמדע געטער. 6 און מיין גרימצאָרן און מיין כּעס איז אויסגעגאָסן געוואָרן, און האָט געברענט אין די שטעט פון יהודה, און אין די גאַסן פון ירושָלַיִם, און זיי זיינען געוואָרן אַ חורבן, אַ וויסטעניש, אַזוי ווי היינטיקן טאָג. 7 און אַצונד האָט אַזוי געזאָגט יהוה דער גאָט פון צבָאוֹת, דער גאָט פון ישׂראל: צוואָס טוט איר אײַך אַליין אַ גרויסע רעה, מע זאָל אײַך פאַרשניידן מאַן און ווייב, קינד און ברוסטקינד, פון צווישן יהודה, אײַך ניט צו לאָזן אַן איבערבלייב? 8 מיך צו דער־צערענען מיט די ווערק פון אײַערע הענט, צו רייכערן צו פרעמדע געטער אין לאַנד מִצרַיִם, וווּ איר זייט געקומען וווינען, כּדי מע זאָל אײַך פאַרשניידן, און כּדי איר זאָלט ווערן פאַר אַ קללה און פאַר אַ שאַנד צווישן אַלע פעלקער פון דער ערד. 9 האָט איר פאַרגעסן די שלעכטיקייטן פון אײַערע עלטערן, און די שלעכטיקייטן פון די מלכים פון יהודה, און די שלעכטיקייטן פון זייערע ווייבער, און אײַערע שלעכטיקייטן, און די שלעכטיקייטן פון אײַערע ווייבער, וואָס זיי האָבן געטאָן אין לאַנד יהודה, און אין די גאַסן פון ירושָלַיִם? 10 זיי זיינען ניט אונטערטעניק געוואָרן ביז אויף היינטיקן טאָג, און זיי האָבן ניט מורא געהאַט, און זיינען ניט געגאַנגען אין מיין תּורה און אין מיינע געזעצן וואָס איך האָב געלייגט פאַר אײַך און פאַר אײַערע עלטערן.

11 דרום האָט אַזוי געזאָגט יהוה פון צבָאוֹת,
דער גאָט פון ישׂראל:
זעט, איך קער מיין פּנים אויף אײַך צום בייזן,
און צו פאַרשניידן גאַנץ יהודה.
12 און איך וועל נעמען דעם איבערבלייב פון יהודה
וואָס האָבן געקערט זייער פּנים
צו קומען קיין לאַנד מִצרַיִם צו וווינען דאָרטן,
און אַלע וועלן פאַרלענדט ווערן;
אין לאַנד מִצרַיִם וועלן זיי פאַלן;
פון שווערד, פון הונגער, וועלן זיי פאַרלענדט ווערן;
פון קליין ביז גרויס, פון שווערד און פון הונגער
וועלן זיי שטאַרבן;
און זיי וועלן זיין פאַר אַ פלוך, און פאַר אַ שרעק,
און פאַר אַ קללה, און פאַר אַ שאַנד.
13 און איך וועל זיך אָפּרעכענען
מיט די וואָס זיצן אין לאַנד מִצרַיִם,
ווי איך האָב זיך אָפּגערעכנט מיט ירושָלַיִם,
מיט שווערד, מיט הונגער, און מיט פּעסט.
14 און פון דעם רעשט פון יהודה
וואָס קומען קיין לאַנד מִצרַיִם צו וווינען דאָרטן,
וועט ניט זיין אַ געבליבענער אָדער אַנטרונענער
זיך אומצוקערן קיין לאַנד יהודה,
וואָס זייער האַרץ ציט זיי זיך ווידער צו באַזעצן דאָרטן;
וואָרום זיי וועלן זיך ניט אומקערן, צומאָל ווי אַנטרונענע.

15 האָבן געענטפערט יִרמְיָהון אַלע מענער וואָס האָבן געוווּסט אַז זייערע ווייבער רייכערן צו פרעמדע

געטער, און אַלע ווייבער וואָס זיינען געשטאַנען אַרום, אַ גרויס געזעמל, און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס זיינען געזעסן אין לאַנד מִצרַיִם, אין פַּתרוֹס, אַזוי צו זאָגן: [16] דאָס וואָרט וואָס דו האָסט גערעדט צו אונדז אין נאָמען פון גאָט, הערן מיר דיר ניט צו. [17] נייערט טאָן וועלן מיר טאָן איטלעך וואָרט וואָס איז אַרויס פון אונדזער מויל, צו רייכערן צו דער מלכה פון הימל, און גיסן צו איר גיסאָפּפער, אַזוי ווי מיר האָבן געטאָן, מיר און אונדזערע עלטערן, אונדזערע מלכים און אונדזערע האַרן, אין די שטעט פון יהודה, און אין די גאַסן פון ירושָלַיִם; און מיר האָבן געהאַט ברויט צו זאַט, און אונדז איז געווען גוט, און שלעכטס האָבן מיר ניט אָנגעזען. [18] און פון זינט מיר האָבן אויפ־געהערט רייכערן צו דער מלכה פון הימל, און גיסן צו איר גיסאָפּפער, זיינען מיר געמינערט פון אַלץ, און פון שווערד און פון הונגער ווערן מיר פאַרלענדט. [19] און אַז מיר האָבן גערייכערט צו דער מלכה פון הימל, און געגאָסן צו איר גיסאָפּפער, האָבן מיר דען אָן אונדזערע מאַנען איר געמאַכט קוכנס אין איר געשטאַלט, און געגאָסן צו איר גיסאָפּפער?

[20] האָט יִרמְיָהוּ געזאָגט צום גאַנצן פאָלק—צו די מענער און צו די ווייבער, צו דעם גאַנצן פאָלק וואָס האָבן אים געגעבן אַן ענטפער—אַזוי צו זאָגן: [21] פאַרוואָר, די רייכערונג וואָס איר האָט גערייכערט אין די שטעט פון יהודה, און אין די גאַסן פון ירושָלַיִם, איר און אייערע עלטערן, אייערע מלכים און אייערע האַרן, און דאָס פאָלק פון לאַנד, דעראָן האָט גאָט געדאַכט, און עס איז אים אַרויפגעקומען אויפן זינען; [22] און גאָט האָט מער ניט געקענט פאַרטראָגן, פון וועגן אייערע בייזע מעשים, פון וועגן די אומווערדיקייטן וואָס איר האָט געטאָן, און אייער לאַנד איז געוואָרן פאַר אַ וויסטעניש, און פאַר אַ שרעק, און פאַר אַ קללה, אָן אַ באַוווינער, אַזוי ווי היינטיקן טאָג. [23] ווייל איר האָט גערייכערט, און ווייל איר האָט געזינדיקט צו גאָט, און האָט ניט צוגעהערט צו דעם קָול פון גאָט, און אין זיין תּורה און אין זיינע געזעצן און אין זיינע אָנזאָגן זייט איר ניט געגאַנגען, דרום האָט אייך געטראָפן דאָסדאָזיקע בייז, אַזוי ווי היינטיקן טאָג.

[24] און יִרמְיָהוּ האָט געזאָגט צום גאַנצן פאָלק, און צו אַלע ווייבער: הערט דאָס וואָרט פון גאָט, איר גאַנץ יהודה וואָס אין לאַנד מִצרַיִם. [25] אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבָאוֹת, דער גאָט פון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: איר און אייערע ווייבער האָט אי גערעדט מיט אייער מויל, אי מיט אייערע הענט דערפילט, אַזוי צו זאָגן: „טאָן וועלן מיר טאָן אונדזערע נדרים וואָס מיר האָבן אַ נדר געטאָן, צו רייכערן צו דער מלכה פון הימל, און צו גיסן צו איר גיסאָפּפער"; מקיים מוזט איר מקיים זיין אייערע נדרים, און טאָן מוזט איר טאָן אייערע נדרים!

כָּל־הָאֲנָשִׁים הַיֹּדְעִים כִּֽי־מְקַטְּרוֹת נְשֵׁיהֶם לֵאלֹהִים
אֲחֵרִים וְכָל־הַנָּשִׁים הָעֹמְדוֹת קָהָל גָּדוֹל וְכָל־הָעָם
טז הַיֹּשְׁבִים בְּאֶרֶץ־מִצְרַיִם בְּפַתְרוֹס לֵאמֹר׃ הַדָּבָר אֲשֶׁר־
יז דִּבַּרְתָּ אֵלֵינוּ בְּשֵׁם יְהוָה אֵינֶנּוּ שֹׁמְעִים אֵלֶיךָ׃ כִּי עָשֹׂה
נַעֲשֶׂה אֶת־כָּל־הַדָּבָר ׀ אֲשֶׁר־יָצָא מִפִּינוּ לְקַטֵּר לִמְלֶכֶת
הַשָּׁמַיִם וְהַסֵּיךְ־לָהּ נְסָכִים כַּאֲשֶׁר עָשִׂינוּ אֲנַחְנוּ וַאֲבֹתֵינוּ
מְלָכֵינוּ וְשָׂרֵינוּ בְּעָרֵי יְהוּדָה וּבְחֻצוֹת יְרוּשָׁלָ͏ִם וַנִּשְׂבַּע־
יח לֶחֶם וַנִּהְיֶה טוֹבִים וְרָעָה לֹא רָאִינוּ׃ וּמִן־אָז חָדַלְנוּ
לְקַטֵּר לִמְלֶכֶת הַשָּׁמַיִם וְהַסֵּךְ־לָהּ נְסָכִים חָסַרְנוּ כֹל
יט וּבַחֶרֶב וּבָרָעָב תָּמְנוּ׃ וְכִֽי־אֲנַחְנוּ מְקַטְּרִים לִמְלֶכֶת
הַשָּׁמַיִם וּלְהַסֵּךְ לָהּ נְסָכִים הֲמִבַּלְעֲדֵי אֲנָשֵׁינוּ עָשִׂינוּ לָהּ
כ כַּוָּנִים לְהַעֲצִבָה וְהַסֵּךְ לָהּ נְסָכִים׃ וַיֹּאמֶר יִרְמְיָהוּ
אֶל־כָּל־הָעָם עַל־הַגְּבָרִים וְעַל־הַנָּשִׁים וְעַל־כָּל־הָעָם הָעֹנִים
כא אֹתוֹ דָּבָר לֵאמֹר׃ הֲלוֹא אֶת־הַקִּטֵּר אֲשֶׁר קִטַּרְתֶּם בְּעָרֵי
יְהוּדָה וּבְחֻצוֹת יְרוּשָׁלַ͏ִם אַתֶּם וַאֲבוֹתֵיכֶם מַלְכֵיכֶם וְשָׂרֵיכֶם
כב וְעַם הָאָרֶץ אֹתָם זָכַר יְהוָה וַתַּעֲלֶה עַל־לִבּוֹ׃ וְלֹא־יוּכַל
יְהוָה עוֹד לָשֵׂאת מִפְּנֵי רֹעַ מַעַלְלֵיכֶם מִפְּנֵי הַתּוֹעֵבֹת אֲשֶׁר
עֲשִׂיתֶם וַתְּהִי אַרְצְכֶם לְחָרְבָּה וּלְשַׁמָּה וְלִקְלָלָה מֵאֵין
כג יוֹשֵׁב כְּהַיּוֹם הַזֶּה׃ מִפְּנֵי אֲשֶׁר קִטַּרְתֶּם וַאֲשֶׁר חֲטָאתֶם
לַיהוָה וְלֹא שְׁמַעְתֶּם בְּקוֹל יְהוָה וּבְתֹרָתוֹ וּבְחֻקֹּתָיו
וּבְעֵדְוֺתָיו לֹא הֲלַכְתֶּם עַל־כֵּן קָרָאת אֶתְכֶם הָרָעָה הַזֹּאת
כד כַּיּוֹם הַזֶּה׃ וַיֹּאמֶר יִרְמְיָהוּ אֶל־כָּל־הָעָם וְאֶל כָּל־
הַנָּשִׁים שִׁמְעוּ דְּבַר־יְהוָה כָּל־יְהוּדָה אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃
כה כֹּה־אָמַר יְהוָה־צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר אַתֶּם
וּנְשֵׁיכֶם וַתְּדַבֵּרְנָה בְּפִיכֶם וּבִידֵיכֶם מִלֵּאתֶם ׀ לֵאמֹר עָשֹׂה
נַעֲשֶׂה אֶת־נְדָרֵינוּ אֲשֶׁר נָדַרְנוּ לְקַטֵּר לִמְלֶכֶת הַשָּׁמַיִם
וּלְהַסֵּךְ לָהּ נְסָכִים הָקֵים תָּקִימְנָה אֶת־נִדְרֵיכֶם וְעָשֹׂה

יט׳ הה רפה    כב׳ ס״א לשמה

תַּעֲשֶׂינָה אֶת־נִדְרֵיכֶם׃ לָכֵן שִׁמְעוּ דְבַר־יְהוָה כָּל־יְהוּדָה כו
הַיֹּשְׁבִים בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם הִנְנִי נִשְׁבַּעְתִּי בִּשְׁמִי הַגָּדוֹל אָמַר
יְהוָה אִם־יִהְיֶה עוֹד שְׁמִי נִקְרָא ׀ בְּפִי ׀ כָּל־אִישׁ יְהוּדָה
אֹמֵר חַי־אֲדֹנָי יְהוִה בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ הִנְנִי שֹׁקֵד עֲלֵיהֶם כז
לְרָעָה וְלֹא לְטוֹבָה וְתַמּוּ כָל־אִישׁ יְהוּדָה אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ־
מִצְרַיִם בַּחֶרֶב וּבָרָעָב עַד־כְּלוֹתָם׃ וּפְלִיטֵי חֶרֶב יְשֻׁבוּן כח
מִן־אֶרֶץ מִצְרַיִם אֶרֶץ יְהוּדָה מְתֵי מִסְפָּר וְיָדְעוּ כָּל־שְׁאֵרִית
יְהוּדָה הַבָּאִים לְאֶרֶץ־מִצְרַיִם לָגוּר שָׁם דְּבַר־מִי יָקוּם
מִמֶּנִּי וּמֵהֶם׃ וְזֹאת לָכֶם הָאוֹת נְאֻם־יְהוָה כִּי־פֹקֵד אֲנִי כט
עֲלֵיכֶם בַּמָּקוֹם הַזֶּה לְמַעַן תֵּדְעוּ כִּי קוֹם יָקוּמוּ דְבָרַי
עֲלֵיכֶם לְרָעָה׃ כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה הִנְנִי נֹתֵן אֶת־פַּרְעֹה ל
חָפְרַע מֶלֶךְ־מִצְרַיִם בְּיַד אֹיְבָיו וּבְיַד מְבַקְשֵׁי נַפְשׁוֹ כַּאֲשֶׁר
נָתַתִּי אֶת־צִדְקִיָּהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה בְּיַד נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־
בָּבֶל אֹיְבוֹ וּמְבַקֵּשׁ נַפְשׁוֹ׃

מה

הַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבֶּר יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא אֶל־בָּרוּךְ בֶּן־נֵרִיָּה א
בְּכָתְבוֹ אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה עַל־סֵפֶר מִפִּי יִרְמְיָהוּ בַּשָּׁנָה
הָרְבִעִית לִיהוֹיָקִים בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה לֵאמֹר׃ כֹּה־ ב
אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל עָלֶיךָ בָּרוּךְ׃ אָמַרְתָּ אוֹי־נָא לִי ג
כִּי־יָסַף יְהוָה יָגוֹן עַל־מַכְאֹבִי יָגַעְתִּי בְּאַנְחָתִי וּמְנוּחָה לֹא
מָצָאתִי׃ כֹּה ׀ תֹּאמַר אֵלָיו כֹּה אָמַר יְהוָה הִנֵּה אֲשֶׁר־ ד
בָּנִיתִי אֲנִי הֹרֵס וְאֵת אֲשֶׁר־נָטַעְתִּי אֲנִי נֹתֵשׁ וְאֶת־כָּל־הָאָרֶץ
הִיא׃ וְאַתָּה תְּבַקֶּשׁ־לְךָ גְדֹלוֹת אַל־תְּבַקֵּשׁ כִּי הִנְנִי מֵבִיא ה
רָעָה עַל־כָּל־בָּשָׂר נְאֻם־יְהוָה וְנָתַתִּי לְךָ אֶת־נַפְשְׁךָ לְשָׁלָל
עַל כָּל־הַמְּקֹמוֹת אֲשֶׁר תֵּלֶךְ־שָׁם׃

מו

אֲשֶׁר הָיָה דְבַר־יְהוָה אֶל־יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא עַל־הַגּוֹיִם׃ א

מה, ד׳ למדנחאי לי הוא

26 דרום הערט דאָס וואָרט פון גאָט,
איר גאַנץ יהודה וואָס זיצט אין לאַנד מִצרַיִם,
אָט שווער איך ביי מיין גרויסן נאָמען, זאָגט גאָט,
אויב מיין נאָמען וועט מער גערופן ווערן
פון דעם מויל פון אַ שום מענטשן פון יהודה
אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם,
וואָס זאָל זאָגן: אַזוי ווי גאָט יהוה לעבט!
27 זע, איך פּאַס־אויף אויף זיי צום בייזן און ניט צום גוטן;
און אומקומען וועלן אַלע מענער פון יהודה
וואָס אין לאַנד מִצרַיִם
פון שווערד און פון הונגער, ביז זיי וועלן פאַרלענדט ווערן.
28 און אַנטרונענע פון שווערד וועלן זיך אומקערן
פון לאַנד מִצרַיִם קיין לאַנד יהודה, געציילטע מענטשן;
און וויסן וועט דער גאַנצער איבערבלייב פון יהודה
וואָס זיינען געקומען קיין לאַנד מִצרַיִם צו וווינען דאָרטן,
וועמעס וואָרט וועט מקוים ווערן, מיינס אָדער זייערס.
29 און דאָס איז אייך אַ צייכן, זאָגט גאָט,
אַז איך רעכן זיך אָפּ מיט אייך אין דעמדאָזיקן אָרט,
כּדי איר זאָלט וויסן אַז מקוים וועלן ווערן
מיינע ווערטער אויף אייך צום בייזן;
30 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, איך גיב איבער פּרעה־חָפרַע דעם מלך פון מִצרַיִם
אין דער האַנט פון זיינע פיינט,
און אין דער האַנט פון די וואָס זוכן זיין לעבן,
ווי איך האָב איבערגעגעבן צִדקִיָהו דעם מלך פון יהודה
אין דער האַנט פון נבוּכַדרֶאצַר דעם מלך פון בָּבֶל,
זיין פיינט און דער וואָס האָט געזוכט זיין לעבן.

**מה** 1 דאָס וואָרט וואָס יִרמִיָהו הנביא האָט גערעדט צו בָּרוּך דעם זון פון נֵרִיָהן, ווען ער האָט אויפגעשריבן די־דאָזיקע־ווערטער אויף אַ בוך פון יִרמִיָהוס מויל, אין פירטן יאָר פון יהוֹיָקים דעם זון פון יאשִׁיָהון, דעם מלך פון יהודה, אַזוי צו זאָגן: 2 אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל וועגן דיר, בָּרוך:

3 דו האָסט געזאָגט: אָ וויי איז מיר!
וואָרום גאָט האָט געמערט קומער אויף מיין ווייטאָק;
איך בין מיד פון מיין זיפצן,
און געפין ניט קיין רו.
4 אַזוי זאָלסטו זאָגן צו אים: אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, וואָס איך האָב געבויט צעשטער איך,
און וואָס איך האָב געפלאַנצט רייס איך אויס;
און אַזוי איז דאָס אין גאַנצן לאַנד.
5 און דו פאַרלאַנגסט דיר גרויסע זאַכן?
זאָלסט ניט פאַרלאַנגען.
וואָרום זע, איך ברענג אַן אומגליק אויף אַלע לייבער,
זאָגט גאָט;
אָבער דיר וועל איך געבן דיין נפש צום געווינס,
אין אַלע ערטער וואָס דו וועסט גיין אַהין.

**מו** 1 וואָס דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו יִרמִיָהו הנביא אויף די פעלקער.

ב לְמִצְרַיִם עַל־חֵיל פַּרְעֹה נְכוֹ מֶלֶךְ מִצְרַיִם אֲשֶׁר־הָיָה עַל־
נְהַר־פְּרָת בְּכַרְכְּמִשׁ אֲשֶׁר הִכָּה נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ בָּבֶל
ג בִּשְׁנַת הָרְבִיעִית לִיהוֹיָקִים בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה: עִרְכוּ
ד מָגֵן וְצִנָּה וּגְשׁוּ לַמִּלְחָמָה: אִסְרוּ הַסּוּסִים וַעֲלוּ הַפָּרָשִׁים
ה וְהִתְיַצְּבוּ בְּכוֹבָעִים מִרְקוּ הָרְמָחִים לִבְשׁוּ הַסִּרְיֹנֹת: מַדּוּעַ
רָאִיתִי הֵמָּה חַתִּים נְסֹגִים אָחוֹר וְגִבּוֹרֵיהֶם יֻכַּתּוּ וּמָנוֹס
ו נָסוּ וְלֹא הִפְנוּ מָגוֹר מִסָּבִיב נְאֻם־יְהוָה: אַל־יָנוּס הַקַּל
וְאַל־יִמָּלֵט הַגִּבּוֹר צָפוֹנָה עַל־יַד נְהַר־פְּרָת כָּשְׁלוּ וְנָפָלוּ:
ז ח מִי־זֶה כַּיְאֹר יַעֲלֶה כַּנְּהָרוֹת יִתְגָּעֲשׁוּ מֵימָיו: מִצְרַיִם כַּיְאֹר
יַעֲלֶה וְכַנְּהָרוֹת יִתְגֹּעֲשׁוּ מָיִם וַיֹּאמֶר אַעֲלֶה אֲכַסֶּה־אֶרֶץ
ט אֹבִידָה עִיר וְיֹשְׁבֵי בָהּ: עֲלוּ הַסּוּסִים וְהִתְהֹלְלוּ הָרֶכֶב
וְיֵצְאוּ הַגִּבּוֹרִים כּוּשׁ וּפוּט תֹּפְשֵׂי מָגֵן וְלוּדִים תֹּפְשֵׂי דֹּרְכֵי
י קָשֶׁת: וְהַיּוֹם הַהוּא לַאדֹנָי יְהוִה צְבָאוֹת יוֹם נְקָמָה לְהִנָּקֵם
מִצָּרָיו וְאָכְלָה חֶרֶב וְשָׂבְעָה וְרָוְתָה מִדָּמָם כִּי זֶבַח לַאדֹנָי
יא יְהוִה צְבָאוֹת בְּאֶרֶץ צָפוֹן אֶל־נְהַר־פְּרָת: עֲלִי גִלְעָד וּקְחִי
צֳרִי בְּתוּלַת בַּת־מִצְרַיִם לַשָּׁוְא הִרְבֵּיתִי רְפֻאוֹת תְּעָלָה אֵין
יב לָךְ: שָׁמְעוּ גוֹיִם קְלוֹנֵךְ וְצִוְחָתֵךְ מָלְאָה הָאָרֶץ כִּי־גִבּוֹר
יג בְּגִבּוֹר כָּשָׁלוּ יַחְדָּיו נָפְלוּ שְׁנֵיהֶם: הַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבֶּר
יְהוָה אֶל־יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא לָבוֹא נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ בָּבֶל
יד לְהַכּוֹת אֶת־אֶרֶץ מִצְרָיִם: הַגִּידוּ בְמִצְרַיִם וְהַשְׁמִיעוּ
בְמִגְדּוֹל וְהַשְׁמִיעוּ בְנֹף וּבְתַחְפַּנְחֵס אִמְרוּ הִתְיַצֵּב וְהָכֵן
טו לָךְ כִּי־אָכְלָה חֶרֶב סְבִיבֶיךָ: מַדּוּעַ נִסְחַף אַבִּירֶיךָ לֹא
עָמַד כִּי יְהוָה הֲדָפוֹ: הִרְבָּה כּוֹשֵׁל גַּם־נָפַל אִישׁ אֶל־רֵעֵהוּ
טז וַיֹּאמְרוּ קוּמָה ׀ וְנָשֻׁבָה אֶל־עַמֵּנוּ וְאֶל־אֶרֶץ מוֹלַדְתֵּנוּ מִפְּנֵי
יז חֶרֶב הַיּוֹנָה: קָרְאוּ שָׁם פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרַיִם שָׁאוֹן הֶעֱבִיר
יח הַמּוֹעֵד: חַי־אָנִי נְאֻם־הַמֶּלֶךְ יְהוָה צְבָאוֹת שְׁמוֹ כִּי כְּתָבוֹר
יט בֶּהָרִים וּכְכַרְמֶל בַּיָּם יָבוֹא: כְּלֵי גוֹלָה עֲשִׂי לָךְ יוֹשֶׁבֶת

יא׳ הרבית קרי   יב׳ קמץ בז״ק   יג׳ הפטרת בא אל פרעה

2 אויף מִצרַיִם: אויף דעם חיל פון פַּרעה־נכוֹ דעם מלך פון מִצרַיִם, וואָס איז געווען ביים טייך פּרָת אין כַּרכּמיש, וואָס נבוכַדרֶאצַר דער מלך פון בָּבל האָט געשלאָגן אין פירטן יאָר פון יהוֹיָקים דעם זון פון יאשִיָהון, דעם מלך פון יהודה.

3 ברייט אָן פּאַנצער און שילד,
און גענענט אויף מלחמה!
4 שפּאַנט די פערד,
און זעצט זיך אַרויף, איר רייטער,
און שטעלט זיך אויס אין די קיווערס;
שלייפט די שפּיזן,
טוט אָן די וואָפנקליידער!
5 פאַרוואָס זע איך זיי דערשראָקענע אָפּטרעטן אַהינטער?
און זייערע גיבוֹרים ווערן צעקלאַפּט,
און לויפן אין געלאַף, און קערן זיך ניט אום;
אַ שרעק רונד אַרום, זאָגט גאָט.
6 דער פלינקער קען ניט אַנטלויפן,
און דער גיבור קען ניט אַנטרונען ווערן;
אין צפון ביים ברעג פון טייך פּרָת
ווערן זיי געשטרויכלט און פאַלן.

7 ווער איז דער וואָס גייט אויף ווי דער נילוס,
וואָס ווי שטראָמען שטורעמען זיינע וואַסערן?
8 מִצרַיִם גייט אויף ווי דער נילוס,
און ווי שטראָמען שטורעמען די וואַסערן;
און ער זאָגט: איך וועל אויפגיין,
איך וועל באַדעקן די ערד,
איך וועל אונטערברענגען די שטאָט
און די וווינער אין איר.
9 שפּרינגט אויף, איר פערד,
און ווילדעוועט, איר רייטוועגן,
און זאָלן אַרויסגיין די גיבוֹרים,
כּוש און פּוט וואָס האַלטן אַ שילד,
און די לודים וואָס האַלטן–שפּאַנען אַ בויגן.

10 און יענער טאָג וועט זיין ביי יהוה דער גאָט פון צבָאוֹת
אַ טאָג פון נקמה זיך נוֹקם צו זיין אָן זיינע פיינט;
און עסן וועט די שווערד און זיך זעטן,
און זיך אָנטרינקען מיט זייער בלוט;
וואָרום אַ שלאַכטונג איז ביי יהוה דעם גאָט פון צבָאוֹת
אין צפון־לאַנד ביים טייך פּרָת.
11 גיי אַרויף קיין גִלעָד, און נעם באַלזאַם,
יונגפרוי טאָכטער מִצרַיִם;
אומזיסט האָסטו רפוּאות געמערט,
ניטאָ קיין גענעזונג פאַר דיר.
12 געהערט האָבן די פעלקער דיין שאַנד,
און מיט דיין געשריי איז פול די ערד;
וואָרום אַ גיבור אָן אַ גיבור האָט געשטרויכלט,
אין איינעם געפאַלן זיינען זיי ביידע.

13 דאָס וואָרט וואָס גאָט האָט גערעדט צו יִרמיָהו הנביא וועגן דעם קומען פון נבוכַדרֶאצַר דעם מלך פון בָּבל צו שלאָגן מִצרַיִם.

14 זאָגט אָן אין מִצרַיִם, און מאַכט הערן אין מִגדוֹל,
און מאַכט הערן אין נוֹף און תַּחפַּנחֵס;
זאָגט: שטעל זיך און ברייט דיך אָן,
וואָרום די שווערד פאַרצערט רונד אַרום דיר.
15 פאַרוואָס איז דיין שטאַרקער אַנידערגעוואָרפן געוואָרן?
ער איז ניט באַשטאַנען, וואָרום גאָט האָט אים געשטויסן.
16 ער האָט געמערט די געשטרויכלטע;
יאָ, איינער אויפן אַנדערן זיינען זיי געפאַלן,
און זיי האָבן געזאָגט: שטייט אויף,
און לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער פאָלק,
און צום לאַנד פון אונדזער געבורט,
פון וועגן דער שווערד וואָס פאַרטיליקט.
17 זיי האָבן דאָרטן גערופן:
פַּרעה דער מלך פון מִצרַיִם איז בלויז טומל;
ער האָט געלאָזט די צייט אַריבערגיין.
18 אַזוי ווי איך לעב, זאָגט דער קיניג–
יהוה פון צבָאוֹת איז זיין נאָמען,
אַז ווי תָּבוֹר צווישן די בערג,
און ווי כַּרמֶל ביים ים, וועט ער קומען.
19 מאַך דיר וואַנדער־כּלים,

בַּת־מִצְרָיִם כִּי־נֹף לְשַׁמָּה תִהְיֶה וְנִצְּתָה מֵאֵין יוֹשֵׁב׃
כ עֶגְלָה יְפֵה־פִיָּה מִצְרָיִם קֶרֶץ מִצָּפוֹן בָּא בָא׃ גַּם־שְׂכִרֶיהָ כא
בְקִרְבָּהּ כְּעֶגְלֵי מַרְבֵּק כִּי־גַם־הֵמָּה הִפְנוּ נָסוּ יַחְדָּיו לֹא
עָמָדוּ כִּי יוֹם אֵידָם בָּא עֲלֵיהֶם עֵת פְּקֻדָּתָם׃ קוֹלָהּ כַּנָּחָשׁ כב
יֵלֵךְ כִּי־בְחַיִל יֵלֵכוּ וּבְקַרְדֻּמּוֹת בָּאוּ לָהּ כְּחֹטְבֵי עֵצִים׃
כָּרְתוּ יַעְרָהּ נְאֻם־יְהוָה כִּי לֹא יֵחָקֵר כִּי רַבּוּ מֵאַרְבֶּה כג
וְאֵין לָהֶם מִסְפָּר׃ הֹבִישָׁה בַּת־מִצְרָיִם נִתְּנָה בְּיַד עַם־ כד
צָפוֹן׃ אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הִנְנִי פוֹקֵד אֶל־ כה
אָמוֹן מִנֹּא וְעַל־פַּרְעֹה וְעַל־מִצְרַיִם וְעַל־אֱלֹהֶיהָ וְעַל־מְלָכֶיהָ
וְעַל־פַּרְעֹה וְעַל הַבֹּטְחִים בּוֹ׃ וּנְתַתִּים בְּיַד מְבַקְשֵׁי נַפְשָׁם כו
וּבְיַד נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל וּבְיַד עֲבָדָיו וְאַחֲרֵי־כֵן תִּשְׁכֹּן
כִּימֵי־קֶדֶם נְאֻם־יְהוָה׃ וְאַתָּה אַל־תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב כז
וְאַל־תֵּחַת יִשְׂרָאֵל כִּי הִנְנִי מוֹשִׁעֲךָ מֵרָחוֹק וְאֶת־זַרְעֲךָ
מֵאֶרֶץ שִׁבְיָם וְשָׁב יַעֲקוֹב וְשָׁקַט וְשַׁאֲנַן וְאֵין מַחֲרִיד׃ אַתָּה כח
אַל־תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב נְאֻם־יְהוָה כִּי אִתְּךָ אָנִי כִּי אֶעֱשֶׂה
כָלָה בְּכָל־הַגּוֹיִם ׀ אֲשֶׁר הִדַּחְתִּיךָ שָׁמָּה וְאֹתְךָ לֹא־אֶעֱשֶׂה
כָלָה וְיִסַּרְתִּיךָ לַמִּשְׁפָּט וְנַקֵּה לֹא אֲנַקֶּךָּ׃

מז

א אֲשֶׁר הָיָה דְבַר־יְהוָה אֶל־יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא אֶל־פְּלִשְׁתִּים
ב בְּטֶרֶם יַכֶּה פַרְעֹה אֶת־עַזָּה׃ כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה הִנֵּה־מַיִם
עֹלִים מִצָּפוֹן וְהָיוּ לְנַחַל שׁוֹטֵף וְיִשְׁטְפוּ אֶרֶץ וּמְלוֹאָהּ עִיר
ג וְיֹשְׁבֵי בָהּ וְזָעֲקוּ הָאָדָם וְהֵילִל כֹּל יוֹשֵׁב הָאָרֶץ׃ מִקּוֹל
שַׁעֲטַת פַּרְסוֹת אַבִּירָיו מֵרַעַשׁ לְרִכְבּוֹ הֲמוֹן גַּלְגִּלָּיו לֹא־
ד הִפְנוּ אָבוֹת אֶל־בָּנִים מֵרִפְיוֹן יָדָיִם׃ עַל־הַיּוֹם הַבָּא לִשְׁדוֹד
אֶת־כָּל־פְּלִשְׁתִּים לְהַכְרִית לְצֹר וּלְצִידוֹן כֹּל שָׂרִיד עֹזֵר
ה כִּי־שֹׁדֵד יְהוָה אֶת־פְּלִשְׁתִּים שְׁאֵרִית אִי כַפְתּוֹר׃ בָּאָה
קָרְחָה אֶל־עַזָּה נִדְמְתָה אַשְׁקְלוֹן שְׁאֵרִית עִמְקָם עַד־מָתַי

ס ו, כו׳ מלא ו׳ כח׳ עד כאן

טאָכטער באַוווינערין פון מִצְרַיִם;
וואָרום נוֹף וועט צו וויסט ווערן,
און חָרֵב זיין אָן אַ באַוווינער.
20 אַ וווּנדערשיין קאַלב איז מִצְרַיִם,
אָבער די שטעכפליג פון צפון איז געקומען, געקומען.
21 אַפילו אירע געדונגענע קריגסלייט אין איר
זיינען ווי קעלבער געשטאָפטע,
וואָרום זיי אויך האָבן זיך אומגעקערט,
זיי זיינען אַנטלאָפן אין איינעם,
זיי זיינען ניט באַשטאַנען;
וואָרום דער טאָג פון זייער בראָך איז געקומען אויף זיי,
די צייט פון זייער רעכנשאַפט.
22 איר קָול גייט ווי פון אַ שלאַנג,
וואָרום מיט חיל גייט מען,
און מיט העק קומט מען אויף איר,
אַזוי ווי האָלצהעקער.
23 זיי האַקן אויס איר וואַלד, זאָגט גאָט,
ווי ער איז ניט צו דערפאָרשן;
וואָרום מער ווי היישעריקן זיינען זיי,
און ניטאָ קיין צאָל צו זיי.
24 געוואָרן צו שאַנד איז די טאָכטער מִצְרַיִם,
געגעבן אין דער האַנט פון דעם פאָלק פון צפון.

25 געזאָגט האָט יהוה פון צבָאוֹת, דער גאָט פון ישׂראל:
זע, איך רעכן זיך אָפּ מיט אָמוֹן פון נוֹא,
און מיט פַּרעהן, און מיט מִצְרַיִם,
און מיט אירע געטער, און מיט אירע מלכים;
אי מיט פַּרעהן אי מיט די וואָס פאַרזיכערן זיך אויף
אים.
26 און איך וועל זיי געבן אין דער האַנט
פון די וואָס זוכן זייער לעבן,
און אין דער האַנט פון נבוכַדרֶאצַר דעם מלך פון בָּבל,
און אין דער האַנט פון זיינע קנעכט;
און דערנאָך וועט זי באַוווינט ווערן,
אַזוי ווי אין די טעג פון אַמאָל, זאָגט גאָט.

27 אָבער דו זאָלסט ניט מורא האָבן, מיין קנעכט יעקב,
און זאָלסט ניט אַנגסטן, ישׂראל,
וואָרום זע, איך העלף דיך פון דער ווייט,
און דיין זאָמען פון לאַנד פון זייער געפאַנגענשאַפט;
און יעקב וועט ווידער זיין רואיק און זיכער,
און קיינער וועט ניט שרעקן.
28 דו זאָלסט ניט מורא האָבן, מיין קנעכט יעקב, זאָגט גאָט,
וואָרום איך בין מיט דיר.
וואָרום איך וועל מאַכן אַ פאַרלענדונג פון אַלע פעלקער
וואָס איך האָב דיך פאַרשטויסן אַהין,
אָבער פון דיר וועל איך קיין פאַרלענדונג ניט מאַכן;
און איך וועל דיך שטראָפן לויט גערעכטיקייט,
אָבער פאַרטיליקן וועל איך דיך ניט פאַרטיליקן.

מז 1 וואָס דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו יִרמיָהו הנביא אויף די פּלִשתּים, איידער פַּרעה האָט געשלאָגן עַזָה.
2 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, וואַסערן גייען אויף פון צפון,
און וועלן ווערן אַ פלייציקער טייך,
און פאַרפלייצן דאָס לאַנד און איר פולקייט,
די שטאָט און די וווינער אין איר;
און שרייען וועלן די מענטשן,
און יאָמערן וועלן אַלע וווינער פון לאַנד.
3 איבער דעם טריטגעפּילדער פון די קלויען פון זיינע
אָגערס,
איבער דעם רַעש פון זיינע רייטוועגן,
דעם טומל פון זיינע רעדער,
קערן זיך עלטערן ניט צו קינדער, פון אָפּהענטיקייט.
4 פון וועגן דעם טאָג וואָס קומט
צו פאַרוויסטן אַלע פּלִשתּים,
צו פאַרשניידן פון צוֹר און פון צידוֹן
איטלעך געבליבענעם העלפער;
וואָרום גאָט טוט פאַרוויסטן די פּלִשתּים,
דעם רעשט פון אינדזל כַּפתּוֹר.
5 געקומען איז אַ פּליכעניש אויף עַזָה
פאַרשניטן געוואָרן איז אַשקלוֹן,
דער רעשט פון זייער טאָל.

ו תִּתְגּוֹדָדִי׃ הוֹי חֶרֶב לַיהוָה עַד־אָנָה לֹא תִשְׁקֹטִי הֵאָסְפִי
ז אֶל־תַּעְרֵךְ הֵרָגְעִי וָדֹמִּי׃ אֵיךְ תִּשְׁקֹטִי וַיהוָה צִוָּה־לָהּ אֶל־
אַשְׁקְלוֹן וְאֶל־חוֹף הַיָּם שָׁם יְעָדָהּ׃

מח

א לְמוֹאָב כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הוֹי אֶל־נְבוֹ
כִּי שֻׁדָּדָה הֹבִישָׁה נִלְכְּדָה קִרְיָתָיִם הֹבִישָׁה הַמִּשְׂגָּב
ב וָחָתָּה׃ אֵין עוֹד תְּהִלַּת מוֹאָב בְּחֶשְׁבּוֹן חָשְׁבוּ עָלֶיהָ רָעָה
לְכוּ וְנַכְרִיתֶנָּה מִגּוֹי גַּם־מַדְמֵן תִּדֹּמִּי אַחֲרַיִךְ תֵּלֶךְ חָרֶב׃
ג ד קוֹל צְעָקָה מֵחֹרוֹנָיִם שֹׁד וָשֶׁבֶר גָּדוֹל׃ נִשְׁבְּרָה מוֹאָב
ה הִשְׁמִיעוּ זְּעָקָה צְעוֹרֶיהָ׃ כִּי מַעֲלֵה הַלֻּחוֹת בִּבְכִי יַעֲלֶה־
ו בֶּכִי כִּי בְּמוֹרַד חֹרוֹנַיִם צָרֵי צַעֲקַת־שֶׁבֶר שָׁמֵעוּ׃ נֻסוּ
ז מַלְּטוּ נַפְשְׁכֶם וְתִהְיֶינָה כַּעֲרוֹעֵר בַּמִּדְבָּר׃ כִּי יַעַן בִּטְחֵךְ
בְּמַעֲשַׂיִךְ וּבְאוֹצְרוֹתַיִךְ גַּם־אַתְּ תִּלָּכֵדִי וְיָצָא כְמִישׁ בַּגּוֹלָה
ח כֹּהֲנָיו וְשָׂרָיו יַחְדָּו׃ וְיָבֹא שֹׁדֵד אֶל־כָּל־עִיר וְעִיר לֹא תִמָּלֵט
ט וְאָבַד הָעֵמֶק וְנִשְׁמַד הַמִּישֹׁר אֲשֶׁר אָמַר יְהוָה׃ תְּנוּ־צִיץ
לְמוֹאָב כִּי נָצֹא תֵּצֵא וְעָרֶיהָ לְשַׁמָּה תִהְיֶינָה מֵאֵין יוֹשֵׁב
י בָּהֵן׃ אָרוּר עֹשֶׂה מְלֶאכֶת יְהוָה רְמִיָּה וְאָרוּר מֹנֵעַ חַרְבּוֹ
יא מִדָּם׃ שַׁאֲנַן מוֹאָב מִנְּעוּרָיו וְשֹׁקֵט הוּא אֶל־שְׁמָרָיו וְלֹא־
הוּרַק מִכְּלִי אֶל־כֶּלִי וּבַגּוֹלָה לֹא הָלָךְ עַל־כֵּן עָמַד טַעְמוֹ
יב בּוֹ וְרֵיחוֹ לֹא נָמָר׃ לָכֵן הִנֵּה־יָמִים בָּאִים נְאֻם־יְהוָה
וְשִׁלַּחְתִּי־לוֹ צֹעִים וְצֵעֻהוּ וְכֵלָיו יָרִיקוּ וְנִבְלֵיהֶם יְנַפֵּצוּ׃
יג וּבֹשׁ מוֹאָב מִכְּמוֹשׁ כַּאֲשֶׁר־בֹּשׁוּ בֵּית יִשְׂרָאֵל מִבֵּית אֵל
יד מִבְטֶחָם׃ אֵיךְ תֹּאמְרוּ גִּבּוֹרִים אֲנָחְנוּ וְאַנְשֵׁי־חַיִל לַמִּלְחָמָה׃
טו שֻׁדַּד מוֹאָב וְעָרֶיהָ עָלָה וּמִבְחַר בַּחוּרָיו יָרְדוּ לַטָּבַח נְאֻם־
טז הַמֶּלֶךְ יְהוָה צְבָאוֹת שְׁמוֹ׃ קָרוֹב אֵיד־מוֹאָב לָבוֹא וְרָעָתוֹ
יז מִהֲרָה מְאֹד׃ נֻדוּ לוֹ כָּל־סְבִיבָיו וְכֹל יֹדְעֵי שְׁמוֹ אִמְרוּ
יח אֵיכָה נִשְׁבַּר מַטֵּה־עֹז מַקֵּל תִּפְאָרָה׃ רְדִי מִכָּבוֹד יְשְׁבִי

מח, ד׳ צעוריה ק׳ ה׳ הלוחת קרי ז׳ כמוש קרי יחדיו קרי יח׳ ושבי ק׳

ביז וואַנען וועסטו זיך דעם לייב שניידן?
6 וויי, דו שווערד פון גאָט,
ביז ווי לאַנג נאָך וועסטו ניט רוען?
ווער אײַנגעטאָן אין דײַן שייד,
באַרו זיך און ווער שטיל.
7 ווי קענסטו זײַן רואיק?
אַז גאָט האָט איר באַפוילן;
אויף אַשקלון און אויפן באָרטן פון ים,
אַהין האָט ער זי באַשערט.

# מח

1 אויף מואָב.
אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבָאות,
דער גאָט פון ישׂראל:
וויי צו נבו, וואָרום זי איז פאַרוויסט;
צו שאַנד, באַצוווּנגען, איז קִריָתַים,
צו שאַנד און צעבראָכן איז מִשׂגָב.
2 ניטאָ מער דער לויב פון מואָב,
אין חֶשבּון האָט מען באַקלערט[א] בייז אויף איר:
קומט, און לאָמיר זי פאַרשניידן פון צו זײַן אַ פאָלק!
דו אויך, מַדמֵן, וועסט שטיל ווערן[ב],
דיר וועט נאָכגיין די שווערד.
3 אַ קָול פון געשריי פון חורונַיִם,
אַ פאַרוויסטונג און אַ בראָך אַ גרויסער.
4 צעבראָכן געוואָרן איז מואָב,
אירע יונגע לאָזן הערן אַ געשריי.
5 וואָרום דעם אויפגאַנג פון לוחית
גייט מען אַרויף מיט געוויין אויף געוויין;
וואָרום אויף דעם אַראָפּגאַנג פון חורונַיִם
הערט מען אַן אַנגסטגעשריי פון בראָך.
6 אַנטלויפט, ראַטעוועט אײַער נפש,
און זייט ווי אַ טאַמאַריסק אין דער מדבר.

7 וואָרום ווייל דו האָסט זיך פאַרזיכערט
אויף דײַנע אויפטוען און אויף דײַנע אוצרות,
וועסט דו אויך באַצוווּנגען ווערן;
און כמוש וועט אין גלות אַוועק,
זײַנע פּריסטער און זײַנע האַרן אין איינעם.
8 און אַ פאַרוויסטער וועט קומען אויף איטלעכער שטאָט,
און קיין שטאָט וועט ניט אַנטרונען ווערן;
און אונטערגיין וועט דער טאָל,
און פאַרטיליקט ווערן וועט דער פלוין,
אַזוי ווי גאָט האָט געזאָגט.
9 גיט פליגלען צו מואָב,
וואָרום פליען אַוועקפליען וועט זי;
און אירע שטעט וועלן צו וויסט ווערן,
אָן אַ באַוווינער אין זיי.
10 פאַרשאָלטן דער וואָס טוט אָפּגעלאָזט די אַרבעט פון גאָט,
און פאַרשאָלטן דער וואָס פאַרמיידט זײַן שווערד פון בלוט!
11 רואיק געווען איז מואָב פון זײַן יוגנט אָן,
און אָפּגעזעצט איז ער אויף זײַנע הייוון,
און ניט איבערגעליידיקט געוואָרן פון כלי אין כלי,
און אין גלות איז ער ניט געגאַנגען;
דערפאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט זײַן טעם בײַ אים,
און זײַן ריח האָט זיך ניט געביטן.
12 אָבער זע, טעג קומען,
זאָגט גאָט,
און איך וועל שיקן צו אים אומבייגערס,
און זיי וועלן אים אומבייגן,
און זײַנע כלים וועלן זיי אויסליידיקן,
און זייערע קריג וועלן זיי צעברעכן.
13 און מואָב וועט זיך שעמען מיט כמוש,
ווי דאָס הויז פון ישׂראל האָט זיך געשעמט
מיט בֵּית־אֵל[ג] זייער פאַרזיכערונג.
14 ווי קענט איר זאָגן: גיבורים זײַנען מיר,
און העלדישע לייט פאַר מלחמה?
15 פאַרוויסט געוואָרן איז מואָב,
און אויף אירע שטעט איז מען אַרויפגעגאַנגען;
און זײַנע געקליבענע יונגענד
האָבן גענידערט צו דער שחיטה,
זאָגט דער קיניג–
יהוה פון צבָאות איז זײַן נאָמען.
16 נאָנט איז דער בראָך פון מואָב צו קומען,
און זײַן אומגליק אײַלט זייער.
17 באַדויערט אים אַלע זײַנע אַרומיקע,
און אַלע וואָס קענט זײַן נאָמען;
זאָגט: ווי איז צעבראָכן דער מאַכטיקער שטעקן,
דער פּראַכטיקער שטאָק!
18 נידער פון כבוד, און זיץ אין דאָרשטיקייט,

[א] וואָרטשפּיל: בְּחֶשְׁבּוֹן חָשְׁבוּ. [ב] וואָרטשפּיל: מַדְמֵן תִּדֹּמִּי. [ג] זע מלכים א׳, יב, 28–33. [ד] וואָרטשפּיל: מִבְחַר בַּחוּרָיו

בַּצָּמָא יֹשֶׁבֶת בַּת־דִּיבוֹן כִּי־שֹׁדֵד מוֹאָב עָלָה בָךְ שִׁחֵת
מִבְצָרָיִךְ׃ אֶל־דֶּרֶךְ עִמְדִי וְצַפִּי יוֹשֶׁבֶת עֲרוֹעֵר שַׁאֲלִי־נָס יט
וְנִמְלָטָה אִמְרִי מַה־נִּהְיָתָה׃ הֹבִישׁ מוֹאָב כִּי־חַתָּה הֵילִילִי ׀ כ
וּזְעָקִי הַגִּידוּ בְאַרְנוֹן כִּי שֻׁדַּד מוֹאָב׃ וּמִשְׁפָּט בָּא אֶל־ כא
אֶרֶץ הַמִּישֹׁר אֶל־חֹלוֹן וְאֶל־יַהְצָה וְעַל־מוֹפָעַת׃ וְעַל־ כב
דִּיבוֹן וְעַל־נְבוֹ וְעַל־בֵּית דִּבְלָתָיִם׃ וְעַל קִרְיָתַיִם וְעַל־בֵּית כג
גָּמוּל וְעַל־בֵּית מְעוֹן׃ וְעַל־קְרִיּוֹת וְעַל־בָּצְרָה וְעַל כָּל־ כד
עָרֵי אֶרֶץ מוֹאָב הָרְחֹקוֹת וְהַקְּרֹבוֹת׃ נִגְדְּעָה קֶרֶן מוֹאָב כה
וּזְרֹעוֹ נִשְׁבָּרָה נְאֻם יְהוָה׃ הַשְׁכִּירֻהוּ כִּי עַל־יְהוָה הִגְדִּיל כו
וְסָפַק מוֹאָב בְּקִיאוֹ וְהָיָה לִשְׂחֹק גַּם־הוּא׃ וְאִם ׀ לוֹא כז
הַשְּׂחֹק הָיָה לְךָ יִשְׂרָאֵל אִם־בְּגַנָּבִים נִמְצָאָה כִּי־מִדֵּי
דְבָרֶיךָ בּוֹ תִּתְנוֹדָד׃ עִזְבוּ עָרִים וְשִׁכְנוּ בַּסֶּלַע יֹשְׁבֵי מוֹאָב כח
וִהְיוּ כְיוֹנָה תְּקַנֵּן בְּעֶבְרֵי פִי־פָחַת׃ שָׁמַעְנוּ גְאוֹן־מוֹאָב כט
גֵּאֶה מְאֹד גָּבְהוֹ וּגְאוֹנוֹ וְגַאֲוָתוֹ וְרֻם לִבּוֹ׃ אֲנִי יָדַעְתִּי נְאֻם־ ל
יְהוָה עֶבְרָתוֹ וְלֹא־כֵן בַּדָּיו לֹא־כֵן עָשׂוּ׃ עַל־כֵּן עַל־מוֹאָב לא
אֲיֵלִיל וּלְמוֹאָב כֻּלֹּה אֶזְעָק אֶל־אַנְשֵׁי קִיר־חֶרֶשׂ יֶהְגֶּה׃
מִבְּכִי יַעְזֵר אֶבְכֶּה־לָּךְ הַגֶּפֶן שִׂבְמָה נְטִישֹׁתַיִךְ עָבְרוּ יָם לב
עַד יָם יַעְזֵר נָגָעוּ עַל־קֵיצֵךְ וְעַל־בְּצִירֵךְ שֹׁדֵד נָפָל׃ וְנֶאֶסְפָה לג
שִׂמְחָה וָגִיל מִכַּרְמֶל וּמֵאֶרֶץ מוֹאָב וְיַיִן מִיקָבִים הִשְׁבַּתִּי
לֹא־יִדְרֹךְ הֵידָד הֵידָד לֹא הֵידָד׃ מִזַּעֲקַת חֶשְׁבּוֹן עַד־ לד
אֶלְעָלֵה עַד־יַהַץ נָתְנוּ קוֹלָם מִצֹּעַר עַד־חֹרֹנַיִם עֶגְלַת
שְׁלִשִׁיָּה כִּי גַּם־מֵי נִמְרִים לִמְשַׁמּוֹת יִהְיוּ׃ וְהִשְׁבַּתִּי לְמוֹאָב לה
נְאֻם־יְהוָה מַעֲלֶה בָמָה וּמַקְטִיר לֵאלֹהָיו׃ עַל־כֵּן לִבִּי לו
לְמוֹאָב כַּחֲלִלִים יֶהֱמֶה וְלִבִּי אֶל־אַנְשֵׁי קִיר־חֶרֶשׂ
כַּחֲלִילִים יֶהֱמֶה עַל־כֵּן יִתְרַת עָשָׂה אָבָדוּ׃ כִּי כָל־רֹאשׁ לז
קָרְחָה וְכָל־זָקָן גְּרֻעָה עַל כָּל־יָדַיִם גְּדֻדֹת וְעַל־מָתְנַיִם
שָׂק׃ עַל כָּל־גַּגּוֹת מוֹאָב וּבִרְחֹבֹתֶיהָ כֻּלֹּה מִסְפֵּד כִּי־ לח

כ׳ הלילו ק׳   וזעקו ק   כא׳ מיפעת ק   כז׳ נמצא קרי

טאָכטער באַוווינערין פון דיבון,
וואָרום דער פאַרוויסטער פון מואָב
איז אַרויפגעקומען אויף דיר,
ער האָט צעשטערט דיינע פעסטונגען.
19 ביים וועג שטיי, און קוק אויס,
באַוווינערין פון עֲרוֹעֵר;
פרעג דעם אַנטלאָפענעם און די אַנטרונענע;
זאָג: וואָס איז געשען?
20 צו שאַנד געוואָרן איז מואָב,
וואָרום זי איז צעבראָכן געוואָרן;
יאָמערט און שרייט,
זאָגט אָן אין אַרנון,
אַז פאַרוויסט געוואָרן איז מואָב.
21 און אַ משפט איז געקומען אויף דעם לאַנד פון פלוין;
אויף חולון, און אויף יַהצָה, און אויף מֵיפָעַת;
22 און אויף דיבון, און אויף נבו, און אויף בֵּית־דִבלָתַיִם;
23 און אויף קִריָתַיִם, און אויף בֵּית־גָמול, און אויף בֵּית־מְעוֹן;
24 און אויף קריות, און אויף בָּצרָה,
און אויף אַלע שטעט פון לאַנד מואָב,
די ווייטע און די נאָענטע.
25 אָפּגעהאַקט געוואָרן איז דער האָרן פון מואָב,
און זיין אָרעם איז צעבראָכן געוואָרן,
זאָגט גאָט.
26 פאַרשיכורט אים,
וואָרום קעגן גאָט האָט ער זיך געגרייסט;
און מואָב וועט זיך פּאַטשן אין זיין מייקעכץ,
און ער אויך וועט צום געלעכטער ווערן.
27 וואָרום איז ניט אַ געלעכטער געווען דיר ישׂראל?
צי איז ער צווישן גנבים געפונען געוואָרן,
וואָס ווען נאָר דו האָסט גערעדט פון אים,
פלעגסטו זיך אויפטרייסלען?
28 פאַרלאָזט די שטעט, און רוט אין פעלז,
באַוווינער פון מואָב,
און זייט ווי אַ טויב וואָס טוט נעסטן
ביי די זייטן פון דעם מויל פון אַ גרוב.

29 מיר האָבן געהערט די שטאָלצקייט פון מואָב,
ווי זייער שטאָלץ ער איז;
זיין גרויסקייט און זיין שטאָלצקייט און זיין גאווה,
און די הויכקייט פון זיין האַרצן.
30 איך ווייס, זאָגט גאָט, זיין חוצפה,
און זיינע באַרימערייען אָן אַ האַפט,
זייער טאָן אָן אַ האַפט.
31 דרום יאָמער איך אויף מואָב,
און אויף גאַנץ מואָב טו איך קלאָגן;
אויף די באַוווינער פון קיר־חֶרֶשׂ מוז מען זיפצן.
32 מער פון דעם געוויין אויף יַעְזֵר וויין איך אויף דיר,
ווייַנשטאָק פון שִׂבמָה;
דיינע צווייגן זיינען ביז צום ים אַריבער,
ביזן ים פון יַעְזֵר האָבן זיי דערגרייכט;
אויף דיין האַרבסטונג און אויף דיין לעז
איז אַ פאַרוויסטער אָנגעפאַלן.
33 און אַיינגעטאָן איז די פרייד און די לוסטיקייט
פון דעם פרוכטגאָרטן, און פון לאַנד מואָב,
און וויין פון די קעלטערס האָב איך פאַרשטערט;
מע טרעט ניט מיט „הֵידָד"!
דער „הֵידָד" איז ניט „הֵידָד".
34 דאָס געשריי פון חֶשבּוֹן איז ביז אֶלעָלֵה,
ביז יַהַץ לאָזן זיי אַרויס זייער קָול,
פון צוֹעַר ביז חוֹרוֹנַיִם,
דער דרייַיאָריקער קו;
וואָרום אויך די וואַסערן פון נִמרים
וועלן צו וויסט ווערן.

35 און איך וועל פאַרשטערן פון מואָב,
זאָגט גאָט,
דעם וואָס ברענגט־אויף אויף אַ בָּמָה,
און דעם וואָס רייכערט צו זיינע געטער.
30 דרום מיין האַרץ אויף מואָב
טוט ווי פלייטן ברומען,
און מיין האַרץ אויף די מענער פון קיר־חֶרֶשׂ,
טוט ווי פלייטן ברומען,
פאַרוואָס די שֶפע וואָס זיי האָבן אָנגעשאַפט
איז אונטערגעגאַנגען.
37 וואָרום יעטוועדער קאָפּ איז אַ פליך,
און יעטוועדער באָרד איז אָפּגעשניטן,
אויף אַלע הענט זיינען שניטן,
און אויף די לענדן איז זאַק.
38 אויף אַלע דעכער פון מואָב, און אין אירע גאַסן,
איז לויטער קלאָגעריי;

וואָרום איך האָב צעבראָכן מואָב
ווי אַ נישטווערטיקע כּלי, זאָגט גאָט.
39 ווי איז זי צעבראָכן געוואָרן!–יאָמערט–
ווי האָט מואָב אין בּיוש דעם רוקן געקערט!
און מואָב וועט ווערן צו געלעכטער און צו שרעק
פאַר אַלע זיינע אַרומיקע.

40 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, ווי אַן אָדלער וועט ער שוועבן,
און שפּרייטן זיינע פליגלען צו מואָב.
41 באַצוואונגען ווערן די שטעט,
און די פעסטונגען ווערן איינגענומען;
און דאָס האַרץ פון די גיבּורים פון מואָב אין יענעם טאָג
וועט זיין ווי דאָס האַרץ פון אַ פרוי אין ווייען.
42 און מואָב וועט פאַרטיליקט ווערן פון צו זיין אַ פאָלק,
פאַרוואָס ער האָט זיך קעגן גאָט געגרייסט.
43 אַ גרויל און אַ גרוב און אַ נעץ[א] אויף דיר,
באַוווינער פון מואָב, זאָגט גאָט.
44 דער וואָס אַנטלויפט פון דעם גרויל,
וועט אַריינפאַלן אין גרוב,
און דער וואָס קומט אַרויף פון גרוב,
וועט געפאַנגען ווערן אין נעץ;
וואָרום איך וועל ברענגען אויף איר, אויף מואָב,
דאָס יאָר פון זייער רעכנשאַפט, זאָגט גאָט.

45 אין שאָטן פון חשבּון האָבּן זיך אָפּגעשטעלט
אָן כּוח אַנטרונענע;
וואָרום אַ פייער איז אַרויס פון חשבּון,
און אַ פלאַם פון מיטן סיחון,
און זי האָט פאַרצערט די שלייף פון מואָב,
און דעם שאַרבן פון די ליאַרעמיוגנגען.
46 וויי דיר, מואָב!
אונטערגעגאַנגען איז דאָס פאָלק פון כּמוש;
וואָרום דייגע זין זיינען גענומען געוואָרן אין געפאַנג,
און דיינע טעכטער אין געפאַנגענשאַפט.
47 אָבּער איך וועל אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון מואָב
אין סוף פון די טעג, זאָגט גאָט.
ביז דאַנען איז דער משפּט פון מואָב.

# מט

1 אויף די קינדער פון עַמון.
אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
האָט ישׂראל קיין קינדער ניט?
צי האָט ער קיין יורש ניט?
פאַרוואָס האָט מַלכָּם געיַרשעט גָד,
און זיין פאָלק האָט זיך באַזעצט אין זיינע שטעט?
2 דרום זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און איך וועל מאַכן הערן אויף רַבָּה פון די קינדער
פון עַמון
אַ שאַלונג פון מלחמה;
און זי וועט ווערן אַ וויסטער הויפן,
און אירע טעכטערשטעט וועלן אין פייער אָנגעצונדן
ווערן;
און ישׂראל וועט ירשען זיינע ירשער,
זאָגט גאָט.

[א] וואָרטשפּיל: פַּחַד וָפַחַת וָפָח.

לט שברתי את־מואב ככלי אין־חפץ בו נאם־יהוה: איך
חתה הילילו איך הפנה־ערף מואב בוש והיה מואב
מ לשחק ולמחתה לכל־סביביו: כי־כה אמר יהוה
מא הנה כנשר ידאה ופרש כנפיו אל־מואב: נלכדה הקריות
והמצדות נתפשה והיה לב גבורי מואב ביום ההוא כלב
מב אשה מצרה: ונשמד מואב מעם כי על־יהוה הגדיל:
מג פחד ופחת ופח עליך יושב מואב נאם־יהוה: הניס מפני
מד הפחד יפל אל־הפחת והעלה מן־הפחת ילכד בפח
מה כי־אביא אליה אל־מואב שנת פקדתם נאם־יהוה: בצל
חשבון עמדו מכח נסים כי־אש יצא מחשבון ולהבה מבין
מו סיחון ותאכל פאת מואב וקדקד בני שאון: אוי־לך מואב
אבד עם־כמוש כי־לקחו בניך בשבי ובנתיך בשביה:
מז ושבתי שבות־מואב באחרית הימים נאם־יהוה עד־הנה
משפט מואב:

מט

א לבני עמון כה אמר יהוה הבנים אין לישראל אם־
יורש אין לו מדוע ירש מלכם את־גד ועמו בעריו ישב:
ב לכן הנה ימים באים נאם־יהוה והשמעתי אל־רבת
בני־עמון תרועת מלחמה והיתה לתל שממה ובנתיה
באש תצתנה וירש ישראל את־ירשיו אמר יהוה:
ג הילילי חשבון כי שדדה־עי צעקנה בנות רבה חגרנה
שקים ספדנה והתשוטטנה בגדרות כי מלכם בגולה
ד ילך כהניו ושריו יחדיו: מה־תתהללי בעמקים זב
עמקך הבת השובבה הבטחה באצרתיה מי יבוא אלי:
ה הנני מביא עליך פחד נאם־אדני יהוה צבאות מכל־
ו סביביך ונדחתם איש לפניו ואין מקבץ לנדד: ואחרי־
ז כן אשיב את־שבות בני־עמון נאם־יהוה: לאדום

מח, מד׳ הנס״ק   מה׳ סבירין יצאה   מט, ב׳ פתח באתנח

3 יאָמער, חֶשבּון, וואָרום פאַרוויסט געוואָרן איז עַי;
שרייט, איר טעכטער פון רַבָּה, גורט אָן זאַקקליידער,
קלאָגט און לויפט אום צווישן די שאָפגעהעפטן,
וואָרום מַלכָּם וועט אין גלות גיין,
זיינע פריסטער און זיינע האַרן אין אייגעם.
4 וואָס רימסטו זיך מיט די טאָלן,
מיט דיין פלוסיקן טאָל, דו טאָכטער ווידערשפעניקע,
וואָס פאַרזיכערט זיך אויף אירע אוצרות:
„ווער קען קומען צו מיר?"
5 זע, איך ברענג אויף דיר אַ פּחד,
זאָגט יהוה דער גאָט פון צבָאות,
פון אַלע דיינע אַרומיקע,
און איר וועט פאַרשטויסן ווערן איטלעכער גלייך אַקעגן
זיך,
און קיינער וועט ניט אַיינזאַמלען דעם פאַרוואָגלטן.
6 אָבּער דערנאָך וועל איך אומקערן
די געפאַנגענשאַפט פון די קינדער פון עַמון,
זאָגט גאָט.

כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת הַאֵין עוֹד חָכְמָה בְּתֵימָן אָבְדָה
ח עֵצָה מִבָּנִים נִסְרְחָה חָכְמָתָם׃ נֻסוּ הָפְנוּ הֶעְמִיקוּ לָשֶׁבֶת
ט יֹשְׁבֵי דְּדָן כִּי אֵיד עֵשָׂו הֵבֵאתִי עָלָיו עֵת פְּקַדְתִּיו׃ אִם־
בֹּצְרִים בָּאוּ לָךְ לֹא יַשְׁאִרוּ עוֹלֵלוֹת אִם־גַּנָּבִים בַּלַּיְלָה
י הִשְׁחִיתוּ דַיָּם׃ כִּי־אֲנִי חָשַׂפְתִּי אֶת־עֵשָׂו גִּלֵּיתִי אֶת־
מִסְתָּרָיו וְנֶחְבָּה לֹא יוּכָל שֻׁדַּד זַרְעוֹ וְאֶחָיו וּשְׁכֵנָיו
יא וְאֵינֶנּוּ׃ עָזְבָה יְתֹמֶיךָ אֲנִי אֲחַיֶּה וְאַלְמְנוֹתֶיךָ עָלַי תִּבְטָחוּ׃
יב כִּי־כֹה ׀ אָמַר יְהוָה הִנֵּה אֲשֶׁר־אֵין מִשְׁפָּטָם
לִשְׁתּוֹת הַכּוֹס שָׁתוֹ יִשְׁתּוּ וְאַתָּה הוּא נָקֹה תִּנָּקֶה לֹא
יג תִנָּקֶה כִּי שָׁתֹה תִּשְׁתֶּה׃ כִּי בִי נִשְׁבַּעְתִּי נְאֻם־יְהוָה כִּי־
לְשַׁמָּה לְחֶרְפָּה לְחֹרֶב וְלִקְלָלָה תִּהְיֶה בָצְרָה וְכָל־עָרֶיהָ
יד תִהְיֶינָה לְחָרְבוֹת עוֹלָם׃ שְׁמוּעָה שָׁמַעְתִּי מֵאֵת יְהוָה
וְצִיר בַּגּוֹיִם שָׁלוּחַ הִתְקַבְּצוּ וּבֹאוּ עָלֶיהָ וְקוּמוּ לַמִּלְחָמָה׃
טו טז כִּי־הִנֵּה קָטֹן נְתַתִּיךָ בַּגּוֹיִם בָּזוּי בָּאָדָם׃ תִּפְלַצְתְּךָ הִשִּׁיא
אֹתָךְ זְדוֹן לִבֶּךָ שֹׁכְנִי בְּחַגְוֵי הַסֶּלַע תֹּפְשִׂי מְרוֹם גִּבְעָה
יז כִּי־תַגְבִּיהַּ כַּנֶּשֶׁר קִנֶּךָ מִשָּׁם אוֹרִידְךָ נְאֻם־יְהוָה׃ וְהָיְתָה
אֱדוֹם לְשַׁמָּה כֹּל עֹבֵר עָלֶיהָ יִשֹּׁם וְיִשְׁרֹק עַל־כָּל־מַכּוֹתֶהָ׃
יח כְּמַהְפֵּכַת סְדֹם וַעֲמֹרָה וּשְׁכֵנֶיהָ אָמַר יְהוָה לֹא־יֵשֵׁב שָׁם
יט אִישׁ וְלֹא־יָגוּר בָּהּ בֶּן־אָדָם׃ הִנֵּה כְּאַרְיֵה יַעֲלֶה מִגְּאוֹן
הַיַּרְדֵּן אֶל־נְוֵה אֵיתָן כִּי־אַרְגִּיעָה אֲרִיצֶנּוּ מֵעָלֶיהָ וּמִי
בָחוּר אֵלֶיהָ אֶפְקֹד כִּי מִי כָמוֹנִי וּמִי יֹעִידֶנִּי וּמִי־זֶה רֹעֶה
כ אֲשֶׁר יַעֲמֹד לְפָנָי׃ לָכֵן שִׁמְעוּ עֲצַת־יְהוָה אֲשֶׁר יָעַץ אֶל־
אֱדוֹם וּמַחְשְׁבוֹתָיו אֲשֶׁר חָשַׁב אֶל־יֹשְׁבֵי תֵימָן אִם־לֹא
יִסְחָבוּם צְעִירֵי הַצֹּאן אִם־לֹא יַשִּׁים עֲלֵיהֶם נְוֵהֶם׃
כא מִקּוֹל נִפְלָם רָעֲשָׁה הָאָרֶץ צְעָקָה בְּיַם־סוּף נִשְׁמַע
כב קוֹלָהּ׃ הִנֵּה כַנֶּשֶׁר יַעֲלֶה וְיִדְאֶה וְיִפְרֹשׂ כְּנָפָיו עַל־
בָּצְרָה וְהָיָה לֵב גִּבּוֹרֵי אֱדוֹם בַּיּוֹם הַהוּא כְּלֵב אִשָּׁה

---

י׳ ה׳ במקום א׳  יב׳ ו׳ במקום ה׳  כא׳ נ״א קולם

7 אויף אֶדוֹם.
אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאות:
איז מער קיין חכמה ניטאָ אין תֵּימָן?
איז אַן עצה אויסגעגאַנגען פון די פאַרשטאַנדיקע?
איז אויסגעוועפּט געוואָרן זייער חכמה?
8 אַנטלויפט, פאַרקערט אײַך, באַזעצט אײַך טיף,
באַוווינער פון דדָן;
וואָרום דער בראָך פון עֵשָׂו ברענג איך אויף אים,
בעת איך רעכן זיך מיט אים.
9 אויב האַרבסטער וואָלטן געקומען צו דיר,
וואָלטן זיי דאָך אַ נאָכקלייב געלאָזט;
אויב גנבים בײַ דער נאַכט,
וואָלטן זיי דאָך בלויז צעשטערט גענוג פאַר זיך.
10 אָבער איך האָב אַנטבלויזט עֵשָׂון,
איך האָב אַנטפּלעקט זײַנע פאַרבאָרגענישן,
און באַהאַלטן קען ער זיך ניט;
פאַרוויסט געוואָרן איז זײַן זאָמען,
און זײַנע ברידער און זײַנע שכנים,
און ער איז מער ניטאָ.
11 לאָז איבער דײַנע יתומים, איך זאָל זיי דערנערן,
און דײַנע אַלמנות זאָלן אויף מיר זיך פאַרזיכערן.

12 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, די וואָס זיי האָט ניט געקומט טרינקען דעם כּוס,
זיי זאָלן יאָ טרינקען,
און דו זאָלסט זײַן דער
וואָס זאָל שוינען פאַרשוינט ווערן?
וועסט ניט פאַרשוינט ווערן,
נײַערט טרינקען וועסטו טרינקען.
13 וואָרום איך שווער בײַ מיר, זאָגט גאָט,
אַז פאַר אַ שרעק, פאַר אַ שאַנד, פאַר אַ וויסטעניש,
און פאַר אַ קללה, וועט בָּצרָה ווערן,
און אַלע אירע שטעט וועלן ווערן אייביקע חורבות.

14 אַ הערונג האָב איך געהערט פון גאָט,
און אַ שליח איז געשיקט צווישן די פעלקער:
זאַמלט אײַך אײַן, און קומט אויף איר,
און שטייט אויף צו מלחמה.
15 וואָרום זע, קליין מאַך איך דיך צווישן די פעלקער,
פאַראַכט צווישן מענטשן.
16 דײַן מוראדיקייט האָט דיך פאַרפירט,
די מוטוויליקייט פון דײַן האַרצן,
דו וואָס וווינסט אין די שפּאַלטן פון פעלז,
וואָס פאַרנעמסט די הייך פון באַרג.
ווען זאָלסט דערהייכן ווי אַן אָדלער דײַן נעסט,
וועל איך פון דאָרט דיך אַראָפּנידערן, זאָגט גאָט.
17 און אֶדוֹם וועט ווערן פאַר אַ שרעק,
איטלעכער וואָס גייט איר פאַרבײַ וועט זיך דערשרעקן,
און וועט שמוצערן אויף אַלע אירע פּלאָגן.
18 אַזוי ווי די איבערקערעניש פון סדום און עֲמוֹרָה
און אירע שכנים, זאָגט גאָט,
וועט קיין מענטש דאָרט ניט וווינען,
און קיין מענטשנקינד וועט זיך ניט אויפהאַלטן אין איר.
19 זע, ווי אַ לייב פון דעם געוועלד פון יַרדן,
וועט ער אַרויפגיין אויף דער פעסטער וווינונג;
וואָרום אין אַ רגע וועל איך אים אָניאָגן אויף איר,
און ווער דער אויסדערוויילטער,
דעם וועל איך אויפזעצן איבער איר.
וואָרום ווער איז מײַן גלײַכן?
און ווער קען מיך אַרויסרופן?
און ווער איז דער פּאַסטוך
וואָס קען באַשטיין פאַר מיר?
20 דרום הערט דעם באַראָט פון גאָט
וואָס ער האָט באַראָטן אויף אֶדוֹם,
און זײַנע טראַכטונגען וואָס ער טראַכט
אויף די באַוווינער פון תֵּימָן:
אויב די מינדסטע פון די שאָף וועלן זיי ניט אַוועקשלעפּן!
אויב מע וועט ניט פאַרוויסטן זייער וווינונג איבער זיי!
21 פון דעם הילך פון זייער פאַל ציטערט די ערד;
אַ געשריי וואָס זײַן הילך ווערט אויפן ים־סוף געהערט.
22 זע, ווי אַן אָדלער וועט ער זיך אויפהייבן און שוועבן,
און שפּרייטן זײַנע פליגלען קעגן בָּצרָה;
און דאָס האַרץ פון די גיבורים פון אֶדוֹם אין יענעם טאָג
וועט זײַן ווי דאָס האַרץ פון אַ פרוי אין ווייען.

23 אויף דַמֶשֶׂק.
פאַרשעמט איז חֲמָת און אַרפַּד,
וואָרום אַ שלעכטע הערונג האָבן זיי געהערט;
צעגאַנגען ווינען זיי געוואָרן;
אויפן ים איז אַן אומרו,
ער קען זיך ניט איינשטילן.
24 שלאַף געוואָרן איז דַמֶשֶׂק,
זי קערט זיך צו אַנטלויפן,
און אַ ציטערניש האָט זי אָנגענומען;
אַנגסט און ווייען האָבן זי אָנגעכאַפּט ווי אַ געווינערין.
25 ווי ניט פאַרשווינט געוואָרן איז דער גערימטער כּרך,
די שטאָט פון מיין פרייד!
26 פאַרוואָר, אירע יונגע לייט וועלן פאַלן אין אירע גאַסן,
און אַלע מלחמה־לייט וועלן פאַרשניטן ווערן אין
יענעם טאָג,
זאָגט גאָט פון צבָאוֹת.
27 און איך וועל אָנצינדן אַ פייער אין דער מויער פון
דַמֶשֶׂק,
און עס וועט פאַרצערן די פּאַלאַצן פון בֶּן־הֲדַד.

28 אויף קֵדָר, און אויף די קיניגרייכן פון חָצוֹר וואָס
נבוכַדרֶאצַר דער מלך פון בָּבל האָט געשלאָגן.
אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
שטייט אויף, גייט אַרויף אויף קֵדָר,
און פאַרוויסט די קינדער פון מזרח.
29 זייערע געצעלטן און זייערע שאָף וועט מען צונעמען;
זייערע פאָרהאַנגען, און אַלע זייערע כלים,
און זייערע קעמלען וועט מען צונעמען פאַר זיך;
און מע וועט אויסרופן אויף זיי: אַ שרעק רונד אַרום!
30 אַנטרינט, אַנטלויפט וייט, באַזעצט אייך טיף,
באַוווינער פון חָצוֹר, זאָגט גאָט;
וואָרום נבוכַדרֶאצַר דער מלך פון בָּבל
האָט באַראָטן אויף אייך אַ באַראָט
און טראַכט אויף אייך אַ טראַכטונג.
31 שטייט אויף, גייט אַרויף אויף אַ רואיקן פאָלק
וואָס זיצט אין זיכערקייט, זאָגט גאָט;
קיין טירן און ריגל האָט ער ניט,
אָפּגעזונדערט וווינען זיי.
32 און זייערע קעמלען וועלן זיין צו רויב,
און זייער מחנה פי צו פאַנג;
און איך וועל זיי צעשפּרייטן אויף אַלע ווינטן—
די וואָס מיט אָפּגעהאַקטע האָרעקן;
און פון אַלע זייערע זייטן
וועל איך ברענגען זייער בראָך, זאָגט גאָט.
33 און חָצוֹר וועט זיין פאַר אַ וווינונג פון שאַקאַלן,
אַ וויסטעניש ביז אייביק;
קיין מענטש וועט ניט וווינען דאָרט,
און קיין מענטשנקינד וועט זיך ניט אויפהאַלטן אין
איר.

34 וואָס דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו יִרמְיָהוּ

כג מְצֵרָה: לְדַמֶּשֶׂק בּוֹשָׁה חֲמָת וְאַרְפָּד כִּי־שְׁמֻעָה
כד רָעָה שָׁמְעוּ נָמֹגוּ בַּיָּם דְּאָגָה הַשְׁקֵט לֹא יוּכָל: רָפְתָה
דַמֶּשֶׂק הִפְנְתָה לָנוּס וְרֶטֶט ׀ הֶחֱזִיקָה צָרָה וַחֲבָלִים
כה אֲחָזַתָּה כַּיּוֹלֵדָה: אֵיךְ לֹא־עֻזְּבָה עִיר תְּהִלָּה קִרְיַת
כו מְשׂוֹשִׂי: לָכֵן יִפְּלוּ בַחוּרֶיהָ בִּרְחֹבֹתֶיהָ וְכָל־אַנְשֵׁי
כז הַמִּלְחָמָה יִדַּמּוּ בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת: וְהִצַּתִּי
אֵשׁ בְּחוֹמַת דַּמָּשֶׂק וְאָכְלָה אַרְמְנוֹת בֶּן־הֲדָד:
כח לְקֵדָר ׀ וּלְמַמְלְכוֹת חָצוֹר אֲשֶׁר הִכָּה נְבוּכַדְרֶאצּוֹר מֶלֶךְ־
בָּבֶל כֹּה אָמַר יְהוָה קוּמוּ עֲלוּ אֶל־קֵדָר וְשָׁדְדוּ אֶת־בְּנֵי־
כט קֶדֶם: אָהֳלֵיהֶם וְצֹאנָם יִקָּחוּ יְרִיעוֹתֵיהֶם וְכָל־כְּלֵיהֶם
ל וּגְמַלֵּיהֶם יִשְׂאוּ לָהֶם וְקָרְאוּ עֲלֵיהֶם מָגוֹר מִסָּבִיב: נֻסוּ
נֻּדוּ מְאֹד הֶעְמִיקוּ לָשֶׁבֶת יֹשְׁבֵי חָצוֹר נְאֻם־יְהוָה כִּי־
יָעַץ עֲלֵיכֶם נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל עֵצָה וְחָשַׁב עֲלֵיהֶם
לא מַחֲשָׁבָה: קוּמוּ עֲלוּ אֶל־גּוֹי שְׁלֵיו יוֹשֵׁב לָבֶטַח נְאֻם־יְהוָה
לב לֹא־דְלָתַיִם וְלֹא־בְרִיחַ לוֹ בָּדָד יִשְׁכֹּנוּ: וְהָיוּ גְמַלֵּיהֶם
לָבַז וַהֲמוֹן מִקְנֵיהֶם לְשָׁלָל וְזֵרִתִים לְכָל־רוּחַ קְצוּצֵי פֵאָה
לג וּמִכָּל־עֲבָרָיו אָבִיא אֶת־אֵידָם נְאֻם־יְהוָה: וְהָיְתָה חָצוֹר
לִמְעוֹן תַּנִּים שְׁמָמָה עַד־עוֹלָם לֹא־יֵשֵׁב שָׁם אִישׁ וְלֹא־
לד יָגוּר בָּהּ בֶּן־אָדָם: אֲשֶׁר הָיָה דְבַר־יְהוָה אֶל־
יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא אֶל־עֵילָם בְּרֵאשִׁית מַלְכוּת צִדְקִיָּה מֶלֶךְ־
לה יְהוּדָה לֵאמֹר: כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת הִנְנִי שֹׁבֵר אֶת־
לו קֶשֶׁת עֵילָם רֵאשִׁית גְּבוּרָתָם: וְהֵבֵאתִי אֶל־עֵילָם אַרְבַּע
רוּחוֹת מֵאַרְבַּע קְצוֹת הַשָּׁמַיִם וְזֵרִתִים לְכֹל הָרֻחוֹת
הָאֵלֶּה וְלֹא־יִהְיֶה הַגּוֹי אֲשֶׁר לֹא־יָבוֹא שָׁם נִדְּחֵי עוֹלָם:
לז וְהַחְתַּתִּי אֶת־עֵילָם לִפְנֵי אֹיְבֵיהֶם וְלִפְנֵי ׀ מְבַקְשֵׁי נַפְשָׁם
וְהֵבֵאתִי עֲלֵיהֶם ׀ רָעָה אֶת־חֲרוֹן אַפִּי נְאֻם־יְהוָה וְשִׁלַּחְתִּי
לח אַחֲרֵיהֶם אֶת־הַחֶרֶב עַד כַּלּוֹתִי אוֹתָם: וְשַׂמְתִּי כִסְאִי

כה׳ תהלת ק   כח׳ יתיר ו   כט׳ קמץ בז״ק   ל׳ עליכם ק   לו׳ סבירין יבאו   עילם

הנביא אויף עֵילָם, אין אָנהייב פון דער מלוכה פון
צִדקִיָה דעם מלך פון יהודה, אַזוי צו זאָגן:
35 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאוֹת:
זע, איך צעברעך דעם בויגן פון עֵילָם,
די פּער פון זייערע גיבורים.
36 און איך וועל ברענגען אויף עֵילָם די פיר ווינטן
פון די פיר עקן הימל,
און איך וועל זיי צעשפּרייטן צו אַלע דידאָזיקע ווינטן;
און עס וועט ניט זיין אַ פאָלק,
וואָס די פאַרשטויסענע פון עֵילָם וועלן ניט קומען אַהין.
37 און איך וועל צעברעכן עֵילָם פאַר זייערע פיינט,
און פאַר די וואָס זוכן זייער לעבן,
און איך וועל ברענגען אויף זיי אַן אומגליק—
דעם גרים פון מיין צאָרן, זאָגט גאָט;
און איך וועל נאָכשיקן נאָך זיי די שווערד,
ביז איך טו זיי פאַרלענדן.
38 און איך וועל שטעלן מיין טראָן אין עֵילָם,

לט בְּעֵילָם וְהַאֲבַדְתִּי מִשָּׁם מֶלֶךְ וְשָׂרִים נְאֻם־יְהוָה׃ וְהָיָה ׀
בְּאַחֲרִית הַיָּמִים אָשׁוּב אֶת־שְׁבִית עֵילָם נְאֻם־יְהוָה׃

נ

א הַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֶל־בָּבֶל אֶל־אֶרֶץ כַּשְׂדִּים בְּיַד
ב יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא׃ הַגִּידוּ בַגּוֹיִם וְהַשְׁמִיעוּ וּשְׂאוּ־נֵס הַשְׁמִיעוּ
אַל־תְּכַחֵדוּ אִמְרוּ נִלְכְּדָה בָבֶל הֹבִישׁ בֵּל חַת מְרֹדָךְ
ג הֹבִישׁוּ עֲצַבֶּיהָ חַתּוּ גִּלּוּלֶיהָ׃ כִּי עָלָה עָלֶיהָ גּוֹי מִצָּפוֹן
הוּא־יָשִׁית אֶת־אַרְצָהּ לְשַׁמָּה וְלֹא־יִהְיֶה יוֹשֵׁב בָּהּ מֵאָדָם
ד וְעַד־בְּהֵמָה נָדוּ הָלָכוּ׃ בַּיָּמִים הָהֵמָּה וּבָעֵת הַהִיא נְאֻם־
יְהוָה יָבֹאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל הֵמָּה וּבְנֵי־יְהוּדָה יַחְדָּו הָלוֹךְ וּבָכוֹ
ה יֵלֵכוּ וְאֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם יְבַקֵּשׁוּ׃ צִיּוֹן יִשְׁאָלוּ דֶּרֶךְ הֵנָּה
פְנֵיהֶם בֹּאוּ וְנִלְווּ אֶל־יְהוָה בְּרִית עוֹלָם לֹא תִשָּׁכֵחַ׃
ו צֹאן אֹבְדוֹת הָיוּ עַמִּי רֹעֵיהֶם הִתְעוּם הָרִים שׁוֹבְבִים מֵהַר
ז אֶל־גִּבְעָה הָלָכוּ שָׁכְחוּ רִבְצָם׃ כָּל־מוֹצְאֵיהֶם אֲכָלוּם
וְצָרֵיהֶם אָמְרוּ לֹא נֶאְשָׁם תַּחַת אֲשֶׁר חָטְאוּ לַיהוָה נְוֵה־
ח צֶדֶק וּמִקְוֵה אֲבוֹתֵיהֶם יְהוָה׃ נֻדוּ מִתּוֹךְ בָּבֶל וּמֵאֶרֶץ
ט כַּשְׂדִּים יֵצֵאוּ וִהְיוּ כְּעַתּוּדִים לִפְנֵי־צֹאן׃ כִּי הִנֵּה אָנֹכִי
מֵעִיר וּמַעֲלֶה עַל־בָּבֶל קְהַל־גּוֹיִם גְּדֹלִים מֵאֶרֶץ צָפוֹן
וְעָרְכוּ לָהּ מִשָּׁם תִּלָּכֵד חִצָּיו כְּגִבּוֹר מַשְׁכִּיל לֹא יָשׁוּב
י רֵיקָם׃ וְהָיְתָה כַשְׂדִּים לְשָׁלָל כָּל־שֹׁלְלֶיהָ יִשְׂבָּעוּ נְאֻם־
יא יְהוָה׃ כִּי תִשְׂמְחוּ כִּי תַעַלְזוּ שֹׁסֵי נַחֲלָתִי כִּי תָפוּשׁוּ
יב כְּעֶגְלָה דָשָׁה וְתִצְהֲלוּ כָּאַבִּרִים׃ בּוֹשָׁה אִמְּכֶם מְאֹד
חָפְרָה יוֹלַדְתְּכֶם הִנֵּה אַחֲרִית גּוֹיִם מִדְבָּר צִיָּה וַעֲרָבָה׃
יג מִקֶּצֶף יְהוָה לֹא תֵשֵׁב וְהָיְתָה שְׁמָמָה כֻּלָּהּ כֹּל עֹבֵר עַל־
יד בָּבֶל יִשֹּׁם וְיִשְׁרֹק עַל־כָּל־מַכּוֹתֶיהָ׃ עִרְכוּ עַל־בָּבֶל ׀
סָבִיב כָּל־דֹּרְכֵי קֶשֶׁת יְדוּ אֵלֶיהָ אַל־תַּחְמְלוּ אֶל־חֵץ כִּי

---

מ ט, לט׳ אשיב קרי   שבות קרי   נ, ד׳ ו במקום ה׳   ה׳ קמץ בז״ק
ו׳ היו קרי   שובבים קרי   קמץ בז״ק   ח׳ צאו קרי   ט׳ כ״א משכיל
י׳ קמץ בטרחא   יא׳ תשמחו קרי   תעלזו קרי   תפושו קרי   כ״א דשא
ותצהלו קרי

און וועל אונטערברענגען פון דאָרטן קיניג און האַרן,
זאָגט גאָט.
39 אָבער עס וועט זיין אין סוף פון די טעג,
וועל איך אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון עֵילָם,
זאָגט גאָט.

נ 1 דאָס וואָרט וואָס גאָט האָט גערעדט אויף בָּבֶל,
אויפן לאַנד פון די כַּשׂדים, דורך יִרמְיָהו הנביא.
2 זאָגט אָן צווישן די פעלקער, און מאַכט הערן,
און הייבט אויף אַ פאָן;
מאַכט הערן, איר זאָלט ניט פאַרהוילן;
זאָגט: באַצוואונגען איז בָּבֶל,
צו שאַנד איז בֵּל, צעבראָכן איז מרוֹדַך,
צו שאַנד ווינען אירע געצנבילדער,
צעבראָכן אירע אָפּגעטער.
3 וואָרום אַ פאָלק פון צפון איז אַרויפגעגאַנגען אויף איר,
ער וועט מאַכן איר לאַנד צו וויסט,
און קיין באַוווינער וועט אין איר ניט זיין;
פון אַ מענטש ביז אַ בהמה זיינען אַנטלאָפן, אַוועק.
4 אין יענע טעג און אין יענער צייט, זאָגט גאָט,
וועלן קומען די קינדער פון ישׂראל,
זיי און די קינדער פון יהודה אין איינעם;
גיין וויינענדיק וועלן זיי גיין,
און יהוה זייער גאָט וועלן זיי זוכן.
5 אויף צִיוֹן וועלן זיי פרעגן,
אויפן וועג אַהער זייער פּנים:
קומט, און לאָמיר זיך באַהעפטן אָן יהוה,
אין אַן אייביקן בונד וואָס זאָל ניט פאַרגעסן ווערן.

6 בלודנע שאָף איז געווען מיין פאָלק;
זייערע פאַסטוכער האָבן זיי געלאָזט בלאָנדזשען,
אויף די בערג זיי אַוועקגעלאָזט;
פון באַרג צו בערגל זיינען זיי געגאַנגען,
פאַרגעסן זייער הויעראָרט.
7 אַלע וואָס האָבן זיי געפונען האָבן זיי פאַרצערט,
און זייערע פיינט האָבן געזאָגט:
מיר וועלן ניט שולדיק זיין,
וויל זיי האָבן געזינדיקט צו גאָט,
צו דער וווינונג פון גערעכטיקייט,
און דער האָפונג פון זייערע עלטערן, גאָט.

8 אַנטלויפט פון בָּבֶל,
און פון לאַנד כַּשׂדים גייט אַרויס,
און זייט ווי בעק פאַרויס פאַר די שאָף.
9 וואָרום זע, איך דערוועק און ברענג אַרויף אויף בָּבֶל
אַ געזעמל גרויסע פעלקער פון צפון־לאַנד,
און זיי וועלן זיך אויסשטעלן קעגן איר;
פון דאָרטן וועט זי באַצוואונגען ווערן;
זייערע פיילן זיינען ווי פון אַ באַגליקטן גיבור,
וואָס קערט זיך ניט אום מיט ליידיקן.
10 און כַּשׂדים וועט זיין צו רויב;
אַלע אירע רויבער וועלן זיך אָנזעטן, זאָגט גאָט.
11 ווייל איר פרייט זיך, ווייל איר זייט לוסטיק,
איר אויסרויבער פון מיין אַרב,
ווייל איר שפרינגט ווי אַ קאַלב אויף גראָז,
און הירזשעט ווי די אָגערס,
12 וועט זיין אין גרויס שאַנד אייער מוטער,
וועט זיך שעמען אייער געווינערין.
זע, דאָס לעצטע פון די פעלקער וועט ווערן
אַ מדבר, אַ טריקעניש, און אַווילדערניש.
13 פון וועגן דעם צאָרן פון גאָט וועט זי זיין ניט באַוווינט,
און זי וועט זיין אַ וויסטעניש אין גאַנצן;
איטלעכער וואָס גייט פאַרביי בָּבֶל וועט זיך דערשרעקן,
און וועט שמוצערן אויף אַלע אירע פּלאָגן.
14 שטעלט זיך אויס קעגן בָּבֶל רונד אַרום,
אַלע שפּאַנער פון בויגן,
וואַרפט אויף איר, איר זאָלט ניט שפּאָרן קיין פיילן,

טו לַיהוָה חָטָאָה׃ הָרִיעוּ עָלֶיהָ סָבִיב נָתְנָה יָדָהּ נָפְלוּ
אָשְׁוִיֹּתֶיהָ נֶהֶרְסוּ חוֹמוֹתֶיהָ כִּי נִקְמַת יְהוָה הִיא הִנָּקְמוּ
טז בָהּ כַּאֲשֶׁר עָשְׂתָה עֲשׂוּ־לָהּ׃ כִּרְתוּ זוֹרֵעַ מִבָּבֶל וְתֹפֵשׂ
מַגָּל בְּעֵת קָצִיר מִפְּנֵי חֶרֶב הַיּוֹנָה אִישׁ אֶל־עַמּוֹ יִפְנוּ
יז וְאִישׁ לְאַרְצוֹ יָנֻסוּ׃ שֶׂה פְזוּרָה יִשְׂרָאֵל אֲרָיוֹת הִדִּיחוּ
הָרִאשׁוֹן אֲכָלוֹ מֶלֶךְ אַשּׁוּר וְזֶה הָאַחֲרוֹן עִצְּמוֹ נְבוּכַדְרֶאצַּר
יח מֶלֶךְ בָּבֶל׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל הִנְנִי פֹקֵד אֶל־מֶלֶךְ בָּבֶל וְאֶל־אַרְצוֹ כַּאֲשֶׁר
יט פָּקַדְתִּי אֶל־מֶלֶךְ אַשּׁוּר׃ וְשֹׁבַבְתִּי אֶת־יִשְׂרָאֵל אֶל־נָוֵהוּ
וְרָעָה הַכַּרְמֶל וְהַבָּשָׁן וּבְהַר אֶפְרַיִם וְהַגִּלְעָד תִּשְׂבַּע
כ נַפְשׁוֹ׃ בַּיָּמִים הָהֵם וּבָעֵת הַהִיא נְאֻם־יְהוָה יְבֻקַּשׁ אֶת־
עֲוֺן יִשְׂרָאֵל וְאֵינֶנּוּ וְאֶת־חַטֹּאת יְהוּדָה וְלֹא תִמָּצֶאינָה כִּי
כא אֶסְלַח לַאֲשֶׁר אַשְׁאִיר׃ עַל־הָאָרֶץ מְרָתַיִם עֲלֵה
עָלֶיהָ וְאֶל־יוֹשְׁבֵי פְּקוֹד חֲרֹב וְהַחֲרֵם אַחֲרֵיהֶם נְאֻם־יְהוָה
כב וַעֲשֵׂה כְּכֹל אֲשֶׁר צִוִּיתִיךָ׃ קוֹל מִלְחָמָה בָּאָרֶץ וְשֶׁבֶר
כג גָּדוֹל׃ אֵיךְ נִגְדַּע וַיִּשָּׁבֵר פַּטִּישׁ כָּל־הָאָרֶץ אֵיךְ הָיְתָה
כד לְשַׁמָּה בָּבֶל בַּגּוֹיִם׃ יָקֹשְׁתִּי לָךְ וְגַם־נִלְכַּדְתְּ בָּבֶל וְאַתְּ
לֹא יָדָעַתְּ נִמְצֵאת וְגַם־נִתְפַּשְׂתְּ כִּי בַיהוָה הִתְגָּרִית׃
כה פָּתַח יְהוָה אֶת־אוֹצָרוֹ וַיּוֹצֵא אֶת־כְּלֵי זַעְמוֹ כִּי־מְלָאכָה
כו הִיא לַאדֹנָי יְהוִה צְבָאוֹת בְּאֶרֶץ כַּשְׂדִּים׃ בֹּאוּ־לָהּ מִקֵּץ
פִּתְחוּ מַאֲבֻסֶיהָ סָלּוּהָ כְמוֹ־עֲרֵמִים וְהַחֲרִימוּהָ אַל־תְּהִי־
כז לָהּ שְׁאֵרִית׃ חִרְבוּ כָּל־פָּרֶיהָ יֵרְדוּ לַטָּבַח הוֹי עֲלֵיהֶם
כח כִּי־בָא יוֹמָם עֵת פְּקֻדָּתָם׃ קוֹל נָסִים וּפְלֵטִים מֵאֶרֶץ
בָּבֶל לְהַגִּיד בְּצִיּוֹן אֶת־נִקְמַת יְהוָה אֱלֹהֵינוּ נִקְמַת הֵיכָלוֹ׃
כט הַשְׁמִיעוּ אֶל־בָּבֶל ׀ רַבִּים כָּל־דֹּרְכֵי קֶשֶׁת חֲנוּ עָלֶיהָ
סָבִיב אַל־יְהִי־ ׳ פְּלֵיטָה שַׁלְּמוּ־לָהּ כְּפָעֳלָהּ כְּכֹל אֲשֶׁר
עָשְׂתָה עֲשׂוּ־לָהּ כִּי אֶל־יְהוָה זָדָה אֶל־קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל׃

טו׳ אשיותיה קרי   טז׳ ס״א אל ארצו   כ׳ יתיר י   כט׳ לה קרי ולא כתיב

וואָרום צו גאָט האָט זי געזינדיקט.
15 שאַלט אויף איר רונד אַרום,
זי האָט זיך אונטערגעגעבן[א];
געפאַלן זיינען אירע גרונטפעסטן,
צעשטערט געוואָרן אירע מויערן;
וואָרום דאָס איז די נקמה פון גאָט,
זייט זיך נוקם אָן איר;
ווי זי האָט געטאָן, טוט צו איר.
16 פאַרשניידט אַ זייער פון בָּבל,
און דעם וואָס האַלט אַ שניידמעסער אין שניטצייט;
פון וועגן דער שווערד וואָס פאַרטיליקט,
וועלן זיי איטלעכער צו זיין פאָלק זיך קערן,
און איטלעכער צו זיין לאַנד וועלן זיי אַנטלויפן.

17 אַ צעשפּרייטע שאָף איז ישׂראל,
לייבן האָבן אים פאַרשטויסן;
דער ערשטער האָט אים געגעסן דער מלך פון אַשור,
און דערדאָזיקער לעצטער האָט אים צעביינערט—
נבוכַדרֶאצַר דעם מלך פון בָּבל.
18 דרום האָט אַזוי געזאָגט יהוה פון צבָאות,
דער גאָט פון ישׂראל:
זע, איך רעכן זיך מיט דעם מלך פון בָּבל און מיט זיין לאַנד,
אַזוי ווי איך האָב זיך אָפּגערעכנט מיט דעם מלך פון אַשור.
19 און איך וועל אומקערן ישׂראל צו זיין פיטערפלאַץ,
און ער וועט זיך פיטערן אויפן כַּרמֶל און בָּשָן,
און אויפן געבערג פון אפרים און גִלעָד
וועט זיך זעטן זיין זעל.
20 אין יענע טעג און אין יענער צייט, זאָגט גאָט,
וועט געזוכט ווערן די זינד פון ישׂראל,
און זי וועט ניט זיין,
און די חטאים פון יהודה,
און זיי וועלן ניט געפונען ווערן,
וואָרום איך וועל פאַרגעבן די וואָס איך וועל איבערלאָזן.
21 אויף דעם לאַנד מְרָתַיִם[ב] גיי אַרויף,
אויף איר און אויף די באַוווינער פון פקוד[ג];
מאַך חָרב און חרם הינטער זיי[ד], זאָגט גאָט,
און טו אַזוי ווי אַלץ וואָס איך האָב דיר באַפוילן.
22 אַ קָול פון מלחמה אין לאַנד,
און אַ בראָך אַ גרויסער!
23 ווי איז צעהאַקט און צעבראָכן געוואָרן
דער האַמער פון דער גאַנצער ערד!
ווי איז בָּבל צו וויסט געוואָרן
צווישן די פעלקער!
24 איך האָב דיר אַ נעץ געשטעלט
און ביסט אויך געפאַנגען געוואָרן, בָּבל,
און דו האָסט ניט געמערקט;
ביסט געפונען געוואָרן און אויך געכאַפּט געוואָרן,
ווייל דו האָסט זיך מיט גאָט אָנגעהויבן.
25 גאָט האָט געעפנט זיין שאַצקאַמער,
און אַרויסגעצויגן די געצייג פון זיין צאָרן,
וואָרום אַן אַרבעט פאַר יהוה דעם גאָט פון צבָאות
איז דאָ אין לאַנד פון די כַּשׂדים.
26 קומט אויף איר פון אַלע עקן,
עפנט אירע שפייכלערס,
וואַרפט זי אָן אַזוי ווי הויפנס, און פאַרוויסט זי;
זאָל ניט זיין פון איר אַן איבערבלייב.
27 קוילעט אַלע אירע אָקסן,
זאָלן זיי נידערן צו דער שחיטה;
וויי צו זיי! וואָרום געקומען איז זייער טאָג,
די צייט פון זייער רעכנשאַפט.
28 אַ קָול פון אַנטלאָפענע און אַנטרונענע פון לאַנד בָּבל!
אָנצוזאָגן אין צִיון די נקמה פון יהוה אונדזער גאָט,
די נקמה פאַר זיין טעמפּל.
29 רופט צונויף די שיסערס אויף בָּבל,
אַלע שפאַנער פון בויגן,
לעגערט אויף איר רונד אַרום,
זאָל איר ניט זיין קיין אַנטרינונג;
באַצאָלט איר לויט איר ווערק,
אַזוי ווי אַלץ וואָס זי האָט געטאָן, טוט צו איר.
וואָרום אַקעגן גאָט האָט זי געמוטוויליקט,
אַקעגן דעם הייליקן פון ישׂראל.

[א] נענוי: נעגעבן אָדער אויסגעשטרעקט די האַנט. [ב, ג] נְעמען פון צוויי פראָווינצן פון בָּבל וואָס דער נביא געברויכט צו באַצייכענען בָּבל אין אַלנעמיין, צוליב זייער סימבאָלישער באַטייטונג: מְרָתַיִם, טאָפּעלע ווידערשפעניקייט; פקוד, שטראָף, ד. ה. די שטראָף וואָס איז אָנגעברייט פאַר דערדאָזיקער זינדיקער מלוכה. [ד] וואָרטשפּיל: חֲרֹב וְהַחֲרֵם אַחֲרֵיהֶם.

ל לָכֵן יִפְּלוּ בַחוּרֶיהָ בִּרְחֹבֹתֶיהָ וְכָל־אַנְשֵׁי מִלְחַמְתָּהּ יִדַּמּוּ
לא בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם־יְהוָה׃ הִנְנִי אֵלֶיךָ זָדוֹן נְאֻם־אֲדֹנָי
לב יְהוִה צְבָאוֹת כִּי בָּא יוֹמְךָ עֵת פְּקַדְתִּיךָ׃ וְכָשַׁל זָדוֹן
וְנָפַל וְאֵין לוֹ מֵקִים וְהִצַּתִּי אֵשׁ בְּעָרָיו וְאָכְלָה כָּל־
לג סְבִיבֹתָיו׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת עֲשׁוּקִים בְּנֵי־
יִשְׂרָאֵל וּבְנֵי־יְהוּדָה יַחְדָּו וְכָל־שֹׁבֵיהֶם הֶחֱזִיקוּ בָם מֵאֲנוּ
לד שַׁלְּחָם׃ גֹּאֲלָם ׀ חָזָק יְהוָה צְבָאוֹת שְׁמוֹ רִיב יָרִיב אֶת־
לה רִיבָם לְמַעַן הִרְגִּיעַ אֶת־הָאָרֶץ וְהִרְגִּיז לְיֹשְׁבֵי בָבֶל׃ חֶרֶב
עַל־כַּשְׂדִּים נְאֻם־יְהוָה וְאֶל־יֹשְׁבֵי בָבֶל וְאֶל־שָׂרֶיהָ וְאֶל־
לו חֲכָמֶיהָ׃ חֶרֶב אֶל־הַבַּדִּים וְנֹאָלוּ חֶרֶב אֶל־גִּבּוֹרֶיהָ וָחָתּוּ׃
לז חֶרֶב אֶל־סוּסָיו וְאֶל־רִכְבּוֹ וְאֶל־כָּל־הָעֶרֶב אֲשֶׁר בְּתוֹכָהּ
לח וְהָיוּ לְנָשִׁים חֶרֶב אֶל־אוֹצְרֹתֶיהָ וּבֻזָּזוּ׃ חֹרֶב אֶל־מֵימֶיהָ
לט וְיָבֵשׁוּ כִּי אֶרֶץ פְּסִלִים הִיא וּבָאֵימִים יִתְהֹלָלוּ׃ לָכֵן יֵשְׁבוּ
צִיִּים אֶת־אִיִּים וְיָשְׁבוּ בָהּ בְּנוֹת יַעֲנָה וְלֹא־תֵשֵׁב עוֹד
מ לָנֶצַח וְלֹא תִשְׁכּוֹן עַד־דּוֹר וָדֹר׃ כְּמַהְפֵּכַת אֱלֹהִים אֶת־
סְדֹם וְאֶת־עֲמֹרָה וְאֶת־שְׁכֵנֶיהָ נְאֻם־יְהוָה לֹא־יֵשֵׁב שָׁם
מא אִישׁ וְלֹא־יָגוּר בָּהּ בֶּן־אָדָם׃ הִנֵּה עַם בָּא מִצָּפוֹן וְגוֹי
מב גָּדוֹל וּמְלָכִים רַבִּים יֵעֹרוּ מִיַּרְכְּתֵי־אָרֶץ׃ קֶשֶׁת וְכִידֹן
יַחֲזִיקוּ אַכְזָרִי הֵמָּה וְלֹא יְרַחֵמוּ קוֹלָם כַּיָּם יֶהֱמֶה וְעַל־
סוּסִים יִרְכָּבוּ עָרוּךְ כְּאִישׁ לַמִּלְחָמָה עָלַיִךְ בַּת־בָּבֶל׃
מג שָׁמַע מֶלֶךְ־בָּבֶל אֶת־שִׁמְעָם וְרָפוּ יָדָיו צָרָה הֶחֱזִיקַתְהוּ
מד חִיל כַּיּוֹלֵדָה׃ הִנֵּה כְּאַרְיֵה יַעֲלֶה מִגְּאוֹן הַיַּרְדֵּן אֶל־נְוֵה
אֵיתָן כִּי־אַרְגִּעָה אֲרוּצֵם מֵעָלֶיהָ וּמִי בָחוּר אֵלֶיהָ אֶפְקֹד
כִּי מִי כָמוֹנִי וּמִי יוֹעִדֶנִּי וּמִי־זֶה רֹעֶה אֲשֶׁר יַעֲמֹד לְפָנָי׃
מה לָכֵן שִׁמְעוּ עֲצַת־יְהוָה אֲשֶׁר יָעַץ אֶל־בָּבֶל וּמַחְשְׁבוֹתָיו
אֲשֶׁר חָשַׁב אֶל־אֶרֶץ כַּשְׂדִּים אִם־לֹא יִסְחָבוּם צְעִירֵי

מד׳ אריצם קרי

30 דרום וועלן פאַלן אירע יונגעלייט אין אירע גאַסן,
און אַלע אירע מלחמה־לייט וועלן פאַרשניטן ווערן
אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט.

31 זע, איך קום אויף דיר, מוטוויליקער,
זאָגט יהוה, דער גאָט פון צבָאוֹת,
וואָרום געקומען איז דיין טאָג,
די צייט וואָס איך רעכן זיך מיט דיר.
32 און דער מוטוויליקער וועט געשטרויכלט ווערן און פאַלן,
און ניט האָבן ווער זאָל אים אויפשטעלן;
און איך וועל אָנצינדן אַ פייער אין זיינע שטעט,
און עס וועט פאַרצערן אַלץ וואָס אַרום אים.

33 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאוֹת:
געדריקט ווערן די קינדער פון ישׂראל
און די קינדער פון יהודה אין איינעם,
און אַלע זייערע פאַנגערס האַלטן זיי פעסט,
זיי ווילן זיי ניט אַוועקלאָזן.
34 זייער אויסלייזער איז שטאַרק,
יהוה פון צבָאוֹת איז זיין נאָמען;
קריגן וועט ער קריגן זייער קריג,
כּדי צו באַרועןא די ערד,
און מאַכן ציטערןב די באַוווינער פון בָּבל.
35 אַ שווערדג אויף די כַּשׂדים, זאָגט גאָט,
און אויף די באַוווינער פון בָּבל,
און אויף אירע האַרן, און אויף אירע חכמים!
36 אַ שווערד אויף די באַרימער, און זיי וועלן באַנאַרישט ווערן!
אַ שווערד אויף אירע גיבּוֹרים, און זיי וועלן צעבראָכן ווערן!
37 אַ שווערד אויף זייערע פערד, און אויף זייערע רייט־וועגן,
און אויף אַלע געמישטע פעלקער וואָס אין איר,
און זיי וועלן ווערן ווי ווייבער!

אַ שווערד אויף אירע אוֹצרות,
און זיי וועלן צערויבּט ווערן!
38 אַ טריקעניש אויף אירע וואַסערן,
און זיי וועלן אויסגעטריקנט ווערן!
וואָרום אַ לאַנד פון געצן איז דאָס,
און מיט שרעקבּילדער זיינען זיי משוגע.
39 דרום וועלן דאָרט וווינען ווילדע קעץ מיט שאַקאַלן,
און וווינען אין איר וועלן שטרויספויגלען,
און זי וועט ניט באַזעצט ווערן אויף אייבּיק,
און ניט באַוווינט ווערן אויף דור־דורות.
40 אַזוי ווי גאָטס איבּערקערעניש פון סדום און עמוֹרָה
און אירע שכנים, זאָגט גאָט,
וועט קיין מענטש דאָרט ניט וווינען,
און קיין מענטשנקינד וועט זיך ניט אויפהאַלטן אין איר.

41 זע, אַ פאָלק קומט פון צפון,
און אַ גרויסע אומה און פיל מלכים
דערוועקן זיך פון די עקן ערד.
42 בּויגן און שפּיז האַלטן זיי,
אַכזָרים זיינען זיי, און האָבן קיין רחמנות ניט;
זייער קָול בּרומט ווי דער ים,
און אויף פערד רייטן זיי;
אויסגעשטעלט ווי איין מאַן אויף מלחמה,
אַקעגן דיר, טאָכטער בָּבל.
43 דער מלך פון בָּבל האָט געהערט זייער הערונג,
און זיינע הענט זיינען שלאַף געוואָרן,
אַן אַנגסט האָט אים אָנגענומען,
אַ ווייטאָק ווי אַ געווינערין.
44 זע, ווי אַ לייבּ פון דעם געוועלד פון יַרדן,
וועט ער אַרויפגיין אויף דער פעסטער וווינונג;
וואָרום אין אַ רגע וועל איך זיי אָניאָגן אויף איר,
און ווער דער אויסדערוויילטער,
דעם וועל איך אויפזעצן איבּער איר.
וואָרום ווער איז מיין גלייכן?
און ווער קען מיך אַרויסרופן?
און ווער איז דער פּאַסטוך
וואָס קען באַשטיין פאַר מיר?
45 דרום הערט דעם באַראָט פון גאָט,
וואָס ער האָט באַראָטן אויף בָּבל,
און זיינע טראַכטונגען
וואָס ער טראַכט אויפן לאַנד פון די כַּשׂדים:
אויבּ די מינדסטע פון די שאָף וועלן זיי ניט אַוועקשלעפּן!

א. ב ווערטשפּיל: הִרְגִּיעַ–וְהִרְגִּיז    ג. ד חֶרֶב–חֹרֶב.

אויב ער וועט ניט פאַרוויסטן די וווינונג איבער זיי!
46 פון דעם קלאַנג „בָּבל איז אַיינגענומען!"
ווערט אויפגעציטערט די ערד,
און אַ געשריי צווישן די פעלקער ווערט געהערט.

## נא

1 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, איך דערוועק אויף בָּבל,
און אויף די באַוווינער פון לֵב־קָמַי[א],
אַ ווינט אַ צעשטעריקן.
2 און איך וועל אָנשיקן אויף בָּבל פרעמדע,
און זיי וועלן זיי ווינטשופלען[ב],
און וועלן אויסליידיקן איר לאַנד;
וואָרום פון רונד אַרום וועלן זיי זיין אויף איר,
אין דעם טאָג פון אומגליק.
3 אַהין זאָל שפּאַנען דער שפּאַנער זיין בויגן,
און אַהין זאָל ער זיך אויפהייבן אין זיין פּאַנצער;
און איר זאָלט ניט שוינען אירע יונגעלייט;
פאַרוויסט איר גאַנצן חיל.
4 און דערשלאָגענע וועלן פאַלן אין לאַנד פון די כַּשׂדים,
און דערשטאָכענע אין אירע גאַסן.
5 וואָרום ניט פאַראַלמנט איז ישׂראל און יהודה
פון זיין גאָט, פון יהוה פון צבָאוֹת;
וואָרום זייער לאַנד איז פול מיט שולד
אַקעגן דעם הייליקן פון ישׂראל.
6 אַנטלויפט פון בָּבל, און ראַטעוועט איטלעכער זיין נפש,
איר זאָלט ניט פאַרשניטן ווערן דורך איר זינד;
וואָרום אַ צייט פון נקמה איז דאָס ביי גאָט,
אַ פאַרגעלטונג באַצאָלט ער איר.
7 אַ גילדערנער כּוֹס איז בָּבל געווען אין גאָטס האַנט,
די גאַנצע ערד האָט זי פאַרשיכּורט;
פון איר ווייַן האָבן די פעלקער געטרונקען,
דרום זיינען די פעלקער צעדולט געוואָרן.
8 פּלוצלינג איז געפאַלן בָּבל און צעבראָכן געוואָרן;
טוט יאָמערן אויף איר;
קריגט אַ באַלזאַם פאַר איר ווייטאָק,
אפשר וועט זי געהיילט ווערן.
9 „מיר האָבן געהיילט בָּבל,
אָבער זי איז ניט געהיילט געוואָרן;
פאַרלאָזט זי, און לאָמיר גיין איטלעכער צו זיין לאַנד;
וואָרום ביז צום הימל גרייכט איר משפט,
און ער הייבט זיך אויף ביז די וואָלקנס".
10 גאָט האָט אַרויסגעבראַכט אונדזער גערעכטיקייט;
קומט, און לאָמיר דערציילן אין צִיוֹן
דעם אויפטו פון יהוה אונדזער גאָט.

11 מאַכט בלאַנק די פיילן,
פילט אָן די פיילבייטלען,
גאָט האָט דערוועקט דעם גייסט פון די מלכים פון מָדַי;
וואָרום אויף בָּבל איז זיין טראַכטונג, זי צו צעשטערן,
ווייל די נקמה פון גאָט איז דאָס,
די נקמה פאַר זיין טעמפּל.
12 קעגן די מויערן פון בָּבל הייבט אויף אַ פאָן,
פאַרשטאַרקט די וואַך,
שטעלט אויף וועכטער, ברייט אָן לויערער,
וואָרום אי געטראַכט האָט גאָט אי געטאָן
וואָס ער האָט גערעדט אויף די באַוווינער פון בָּבל.

13 דו וואָס וווינסט ביי גרויסע וואַסערן,
דו רייכע אין אוֹצרוֹת,
געקומען איז דיין סָוף,
די מאָס פון דיין גייציקייט.
14 גאָט פון צבָאוֹת האָט געשוואָרן ביי זיך:
פאַרוואָר, איך פיל דיך אָן מיט מענטשן ווי הייסשעריקן,
און זיי וועלן אויסרופן קעגן דיר „הֵידָד"!

15 ער האָט געמאַכט די ערד מיט זיין כּוח,
ער האָט אויפגעשטעלט די וועלט מיט זיין חכמה,
און מיט זיין פאַרשטאַנדיקייט אויסגעשפּרייט די הימלען.
16 ביים קָול פון זיין דונערן
ווערט אַ פילקייט פון וואַסער אין הימל,
און ער ברענגט אויף וואָלקנס
פון עק פון דער ערד;

מו הַצֹּאן אִם־לֹא יַשִּׁים עֲלֵיהֶם נָוֶה׃ מִקּוֹל נִתְפְּשָׂה בָבֶל
נִרְעֲשָׁה הָאָרֶץ וּזְעָקָה בַּגּוֹיִם נִשְׁמָע׃

נא

א כֹּה אָמַר יְהוָה הִנְנִי מֵעִיר עַל־בָּבֶל וְאֶל־יֹשְׁבֵי לֵב קָמָי
ב רוּחַ מַשְׁחִית׃ וְשִׁלַּחְתִּי לְבָבֶל ׀ זָרִים וְזֵרוּהָ וִיבֹקְקוּ אֶת־
ג אַרְצָהּ כִּי־הָיוּ עָלֶיהָ מִסָּבִיב בְּיוֹם רָעָה׃ אֶל־יִדְרֹךְ יִדְרֹךְ
הַדֹּרֵךְ קַשְׁתּוֹ וְאֶל־יִתְעַל בְּסִרְיֹנוֹ וְאַל־תַּחְמְלוּ אֶל־בַּחֻרֶיהָ
ד הַחֲרִימוּ כָּל־צְבָאָהּ׃ וְנָפְלוּ חֲלָלִים בְּאֶרֶץ כַּשְׂדִּים וּמְדֻקָּרִים
ה בְּחוּצוֹתֶיהָ׃ כִּי לֹא־אַלְמָן יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה מֵאֱלֹהָיו
מֵיְהוָה צְבָאוֹת כִּי אַרְצָם מָלְאָה אָשָׁם מִקְּדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל׃
ו נֻסוּ ׀ מִתּוֹךְ בָּבֶל וּמַלְּטוּ אִישׁ נַפְשׁוֹ אַל־תִּדַּמּוּ בַּעֲוֺנָהּ כִּי
ז עֵת נְקָמָה הִיא לַיהוָה גְּמוּל הוּא מְשַׁלֵּם לָהּ׃ כּוֹס־זָהָב
בָּבֶל בְּיַד־יְהוָה מְשַׁכֶּרֶת כָּל־הָאָרֶץ מִיֵּינָהּ שָׁתוּ גוֹיִם עַל־
ח כֵּן יִתְהֹלְלוּ גוֹיִם׃ פִּתְאֹם נָפְלָה בָבֶל וַתִּשָּׁבֵר הֵילִילוּ
ט עָלֶיהָ קְחוּ צֳרִי לְמַכְאוֹבָהּ אוּלַי תֵּרָפֵא׃ רִפִּאנוּ אֶת־בָּבֶל
וְלֹא נִרְפָּתָה עִזְבוּהָ וְנֵלֵךְ אִישׁ לְאַרְצוֹ כִּי־נָגַע אֶל־הַשָּׁמַיִם
י מִשְׁפָּטָהּ וְנִשָּׂא עַד־שְׁחָקִים׃ הוֹצִיא יְהוָה אֶת־צִדְקֹתֵינוּ
יא בֹּאוּ וּנְסַפְּרָה בְצִיּוֹן אֶת־מַעֲשֵׂה יְהוָה אֱלֹהֵינוּ׃ הָבֵרוּ
הַחִצִּים מִלְאוּ הַשְּׁלָטִים הֵעִיר יְהוָה אֶת־רוּחַ מַלְכֵי מָדַי
כִּי־עַל־בָּבֶל מְזִמָּתוֹ לְהַשְׁחִיתָהּ כִּי־נִקְמַת יְהוָה הִיא נִקְמַת
יב הֵיכָלוֹ׃ אֶל־חוֹמֹת בָּבֶל שְׂאוּ־נֵס הַחֲזִיקוּ הַמִּשְׁמָר הָקִימוּ
שֹׁמְרִים הָכִינוּ הָאֹרְבִים כִּי גַּם־זָמַם יְהוָה גַּם־עָשָׂה אֵת
יג אֲשֶׁר־דִּבֶּר אֶל־יֹשְׁבֵי בָבֶל׃ שֹׁכַנְתְּי עַל־מַיִם רַבִּים רַבַּת
יד אוֹצָרֹת בָּא קִצֵּךְ אַמַּת בִּצְעֵךְ׃ נִשְׁבַּע יְהוָה צְבָאוֹת בְּנַפְשׁוֹ
טו כִּי אִם־מִלֵּאתִיךְ אָדָם כַּיֶּלֶק וְעָנוּ עָלַיִךְ הֵידָד׃ עֹשֵׂה
אֶרֶץ בְּכֹחוֹ מֵכִין תֵּבֵל בְּחָכְמָתוֹ וּבִתְבוּנָתוֹ נָטָה שָׁמָיִם׃
טז לְקוֹל תִּתּוֹ הֲמוֹן מַיִם בַּשָּׁמַיִם וַיַּעַל נְשִׂאִים מִקְצֵה־אָרֶץ

נא, ג׳ לא אַל וְאַל כתיב ולא קרי ט׳ רפינו ק׳ יג׳ שכנת קרי

[א] „דאָס האַרץ פון מיינע פיינט", פאַרשטעלטער נאָמען פאַר כַּשׂדים (לויט די אַלטע מפָרשים דורך פאַרבייטונג פון אותיות: א פאַר ת, ב פאַר ש, א. א. וו.)

[ב] וואָרטשפּיל: זָרִים וְזֵרוּהָ.

יז בְּרָקִים לַמָּטָר עָשָׂה וַיּוֹצֵא רוּחַ מֵאֹצְרֹתָיו׃ נִבְעַר כָּל־
אָדָם מִדַּעַת הֹבִישׁ כָּל־צוֹרֵף מִפָּסֶל כִּי שֶׁקֶר נִסְכּוֹ וְלֹא־
יח רוּחַ בָּם׃ הֶבֶל הֵמָּה מַעֲשֵׂה תַּעְתֻּעִים בְּעֵת פְּקֻדָּתָם יֹאבֵדוּ׃
יט לֹא־כְאֵלֶּה חֵלֶק יַעֲקוֹב כִּי־יוֹצֵר הַכֹּל הוּא וְשֵׁבֶט נַחֲלָתוֹ
כ יְהוָה צְבָאוֹת שְׁמוֹ׃ מַפֵּץ־אַתָּה לִי כְּלֵי מִלְחָמָה
כא וְנִפַּצְתִּי בְךָ גּוֹיִם וְהִשְׁחַתִּי בְךָ מַמְלָכוֹת׃ וְנִפַּצְתִּי בְךָ
כב סוּס וְרֹכְבוֹ וְנִפַּצְתִּי בְךָ רֶכֶב וְרֹכְבוֹ׃ וְנִפַּצְתִּי בְךָ אִישׁ
וְאִשָּׁה וְנִפַּצְתִּי בְךָ זָקֵן וָנָעַר וְנִפַּצְתִּי בְךָ בָּחוּר וּבְתוּלָה׃
כג וְנִפַּצְתִּי בְךָ רֹעֶה וְעֶדְרוֹ וְנִפַּצְתִּי בְךָ אִכָּר וְצִמְדּוֹ וְנִפַּצְתִּי
כד בְךָ פַּחוֹת וּסְגָנִים׃ וְשִׁלַּמְתִּי לְבָבֶל וּלְכֹל ׀ יוֹשְׁבֵי כַשְׂדִּים
אֵת כָּל־רָעָתָם אֲשֶׁר־עָשׂוּ בְצִיּוֹן לְעֵינֵיכֶם נְאֻם יְהוָה׃
כה הִנְנִי אֵלֶיךָ הַר הַמַּשְׁחִית נְאֻם־יְהוָה הַמַּשְׁחִית
אֶת־כָּל־הָאָרֶץ וְנָטִיתִי אֶת־יָדִי עָלֶיךָ וְגִלְגַּלְתִּיךָ מִן־הַסְּלָעִים
כו וּנְתַתִּיךָ לְהַר שְׂרֵפָה׃ וְלֹא־יִקְחוּ מִמְּךָ אֶבֶן לְפִנָּה וְאֶבֶן
כז לְמוֹסָדוֹת כִּי־שִׁמְמוֹת עוֹלָם תִּהְיֶה נְאֻם־יְהוָה׃ שְׂאוּ־נֵס
בָּאָרֶץ תִּקְעוּ שׁוֹפָר בַּגּוֹיִם קַדְּשׁוּ עָלֶיהָ גּוֹיִם הַשְׁמִיעוּ
עָלֶיהָ מַמְלְכוֹת אֲרָרַט מִנִּי וְאַשְׁכְּנָז פִּקְדוּ עָלֶיהָ טִפְסָר
כח הַעֲלוּ־סוּס כְּיֶלֶק סָמָר׃ קַדְּשׁוּ עָלֶיהָ גוֹיִם אֶת־מַלְכֵי מָדַי
אֶת־פַּחוֹתֶיהָ וְאֶת־כָּל־סְגָנֶיהָ וְאֵת כָּל־אֶרֶץ מֶמְשַׁלְתּוֹ׃
כט וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ וַתָּחֹל כִּי קָמָה עַל־בָּבֶל מַחְשְׁבוֹת יְהוָה
ל לָשׂוּם אֶת־אֶרֶץ בָּבֶל לְשַׁמָּה מֵאֵין יוֹשֵׁב׃ חָדְלוּ גִבּוֹרֵי
בָבֶל לְהִלָּחֵם יָשְׁבוּ בַּמְּצָדוֹת נָשְׁתָה גְבוּרָתָם הָיוּ לְנָשִׁים
לא הִצִּיתוּ מִשְׁכְּנֹתֶיהָ נִשְׁבְּרוּ בְרִיחֶיהָ׃ רָץ לִקְרַאת־רָץ יָרוּץ
וּמַגִּיד לִקְרַאת מַגִּיד לְהַגִּיד לְמֶלֶךְ בָּבֶל כִּי־נִלְכְּדָה עִירוֹ
לב מִקָּצֶה׃ וְהַמַּעְבָּרוֹת נִתְפָּשׂוּ וְאֶת־הָאֲגַמִּים שָׂרְפוּ בָאֵשׁ
לג וְאַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה נִבְהָלוּ׃ כִּי כֹה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל בַּת־בָּבֶל כְּגֹרֶן עֵת הִדְרִיכָהּ עוֹד מְעַט וּבָאָה

יט׳ מלא ו׳ כז׳ פתח באתנח לב׳ קמץ בז״ק

ער מאַכט בליצן צום רעגן,
און ציט אַרויס פון זיינע שפּייכלערס דעם ווינט.
17 איטלעכער מענטש איז פאַרגרעבט, אָן פאַרשטאַנד,
איטלעכער שמעלצער ווערט צו שאַנד פון דעם געץ,
וואָרום פאַלש איז זיין געגאָסענער אָפּגאָט,
און קיין אָטעם איז אין זיי ניטאָ.
18 נישטיק זיינען זיי, אַ ווערק פון פאַרפירעניש;
אין דער צייט פון זייער רעכנשאַפט וועלן זיי אונטער־
גיין.
19 ניט אַזוי ווי דידאָזיקע איז דער טייל פון יעקב,
וואָרום ער איז דער באַשעפער פון אַלץ,
און [ישׂראל] איז דער שבט פון זיין אַרבונג;
יהוה פון צבָאוֹת איז זיין נאָמען.

20 אַ האַמער ביסטו מיר, אַ געצייג פון מלחמה,
און איך וועל צעברעכן מיט דיר פעלקער,
און צעשטערן מיט דיר קיניגרייכן.
21 און איך וועל צעברעכן מיט דיר דעם פערד און זיין
רייטער,
און איך וועל צעברעכן מיט דיר דעם רייטוואָגן און זיין
רייטער;
22 און איך וועל צעברעכן מיט דיר מאַן און ווייב,
און איך וועל צעברעכן מיט דיר אַלט און יונג,
און איך וועל צעברעכן מיט דיר בָּחור און מיידל;
23 און איך וועל צעברעכן מיט דיר דעם פאַסטוך און זיין
סטאַדע,
און איך וועל צעברעכן מיט דיר דעם אַקערמאַן און
זיין געשפּאַן,
און איך וועל צעברעכן מיט דיר דוכּסים און פירשטן.
24 אָבער איך וועל באַצאָלן בָּבל
און אַלע באַוווינער פון כַּשׂדים
אַל זייער בייז וואָס זיי האָבן געטאָן אין צִיון
פאַר אַייערע אויגן, זאָגט גאָט.

25 זע, איך קום צו דיר,
דו צעשטעריקער באַרג, זאָגט גאָט,
וואָס צעשטערט די גאַנצע ערד;
און איך וועל אויסשטרעקן מיין האַנט אויף דיר,
און וועל דיך אַראָפּקייקלען פון די פעלזן,

און דיך מאַכן פאַר אַן אויסגעברענטן באַרג.
26 און מע וועט ניט נעמען פון דיר אַ שטיין פאַר אַ ווינקל,
און אַ שטיין פאַר גרונטפעסטן;
נייערט אייביקע וויסטענישן וועסטו זיין,
זאָגט גאָט.

27 הייבט אויף אַ פאָן אין לאַנד,
בלאָזט אַ שופר צווישן די פעלקער,
ברייט אָן קעגן איר די פעלקער,
רופט צונויף קעגן איר די קיניגרייכן
אַרָרַט, מִני, און אַשכּנַז;
זעצט אויף קעגן איר אַ חיל־פירער,
ברענגט אַרויף פערד ווי האָריקע היישעריקן.
28 ברייט אָן קעגן איר די פעלקער,
די מלכים פון מָדַי,
אירע דוכּסים און אַלע אירע פירשטן,
און דאָס גאַנצע לאַנד פון זיין ממשלה.
29 און די ערד שטורעמט און ציטערט,
וואָרום מקוים געוואָרן זיינען אויף בָּבל
די טראַכטונגען פון גאָט,

צו מאַכן לאַנד בָּבל צו וויסט, אָן אַ וווינער.
30 די גיבורים פון בָּבל האָבן אויפגעהערט מלחמה
האַלטן,
זיי זיצן אין די פעסטונגען;
אָפּגעטאָן האָט זיך זייער גבורה,
זיי זיינען געוואָרן ווי ווייבער;
מע האָט אָנגעצונדן אירע וווינונגען,
צעבראָכן געוואָרן זיינען אירע ריגלען.
31 אַ לויפער קעגן אַ לויפער לויפט,
און אַן אָנזאָגער קעגן אַן אָנזאָגער,
אָנצוזאָגן דעם מלך פון בָּבל,
אַז זיין שטאָט איז באַצוווּנגען פון אַלע עקן;
32 און די איבערפאָרן זיינען פאַרכאַפּט,
און די פעסטונגען האָט מען פאַרברענט אין פייער,
און די מלחמה־לייט זיינען צעטומלט.

33 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון צבָאוֹת,
דער גאָט פון ישׂראל:
טאָכטער בָּבל איז ווי אַ שייער
אין דער צייט וואָס מע טרעט אים;

לד עֵת־הַקְצִיר לָהּ׃ אֲכָלְנוּ הֲמָמָנוּ נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ בָּבֶל
הִצִּיגָנוּ כְּלִי רִיק בְּלָעָנוּ כַּתַּנִּין מִלָּא כְרֵשׂוֹ מֵעֲדָנָי הֱדִיחָנוּ׃
לה חֲמָסִי וּשְׁאֵרִי עַל־בָּבֶל תֹּאמַר יֹשֶׁבֶת צִיּוֹן וְדָמִי אֶל־יֹשְׁבֵי
לו כַשְׂדִּים תֹּאמַר יְרוּשָׁלָ͏ִם׃ לָכֵן כֹּה אָמַר יְהוָה
הִנְנִי־רָב אֶת־רִיבֵךְ וְנִקַּמְתִּי אֶת־נִקְמָתֵךְ וְהַחֲרַבְתִּי אֶת־
לז יַמָּהּ וְהֹבַשְׁתִּי אֶת־מְקוֹרָהּ׃ וְהָיְתָה בָבֶל ׀ לְגַלִּים ׀ מְעוֹן
לח תַּנִּים שַׁמָּה וּשְׁרֵקָה מֵאֵין יוֹשֵׁב׃ יַחְדָּו כַּכְּפִרִים יִשְׁאָגוּ
לט נָעֲרוּ כְּגוֹרֵי אֲרָיוֹת׃ בְּחֻמָּם אָשִׁית אֶת־מִשְׁתֵּיהֶם
וְהִשְׁכַּרְתִּים לְמַעַן יַעֲלֹזוּ וְיָשְׁנוּ שְׁנַת־עוֹלָם וְלֹא יָקִיצוּ נְאֻם
מ יְהוָה׃ אוֹרִידֵם כְּכָרִים לִטְבוֹחַ כְּאֵילִים עִם־עַתּוּדִים׃
מא אֵיךְ נִלְכְּדָה שֵׁשַׁךְ וַתִּתָּפֵשׂ תְּהִלַּת כָּל־הָאָרֶץ אֵיךְ הָיְתָה
מב לְשַׁמָּה בָּבֶל בַּגּוֹיִם׃ עָלָה עַל־בָּבֶל הַיָּם בַּהֲמוֹן גַּלָּיו
מג נִכְסָתָה׃ הָיוּ עָרֶיהָ לְשַׁמָּה אֶרֶץ צִיָּה וַעֲרָבָה אֶרֶץ לֹא־
מד יֵשֵׁב בָּהֵן כָּל־אִישׁ וְלֹא־יַעֲבֹר בָּהֵן בֶּן־אָדָם׃ וּפָקַדְתִּי
עַל־בֵּל בְּבָבֶל וְהֹצֵאתִי אֶת־בִּלְעוֹ מִפִּיו וְלֹא־יִנְהֲרוּ אֵלָיו
מה עוֹד גּוֹיִם גַּם־חוֹמַת בָּבֶל נָפָלָה׃ צְאוּ מִתּוֹכָהּ עַמִּי וּמַלְּטוּ
מו אִישׁ אֶת־נַפְשׁוֹ מֵחֲרוֹן אַף־יְהוָה׃ וּפֶן־יֵרַךְ לְבַבְכֶם
וְתִירְאוּ בַּשְּׁמוּעָה הַנִּשְׁמַעַת בָּאָרֶץ וּבָא בַשָּׁנָה הַשְּׁמוּעָה
וְאַחֲרָיו בַּשָּׁנָה הַשְּׁמוּעָה וְחָמָס בָּאָרֶץ וּמֹשֵׁל עַל־מֹשֵׁל׃
מז לָכֵן הִנֵּה יָמִים בָּאִים וּפָקַדְתִּי עַל־פְּסִילֵי בָבֶל וְכָל־אַרְצָהּ
מח תֵּבוֹשׁ וְכָל־חֲלָלֶיהָ יִפְּלוּ בְתוֹכָהּ׃ וְרִנְּנוּ עַל־בָּבֶל שָׁמַיִם
וָאָרֶץ וְכֹל אֲשֶׁר בָּהֶם כִּי מִצָּפוֹן יָבוֹא־לָהּ הַשּׁוֹדְדִים
מט נְאֻם־יְהוָה׃ גַּם־בָּבֶל לִנְפֹּל חַלְלֵי יִשְׂרָאֵל גַּם־לְבָבֶל
נ נָפְלוּ חַלְלֵי כָל־הָאָרֶץ׃ פְּלֵטִים מֵחֶרֶב הִלְכוּ אַל־תַּעֲמֹדוּ
זִכְרוּ מֵרָחוֹק אֶת־יְהוָה וִירוּשָׁלַ͏ִם תַּעֲלֶה עַל־לְבַבְכֶם׃
נא בֹּשְׁנוּ כִּי־שָׁמַעְנוּ חֶרְפָּה כִּסְּתָה כְלִמָּה פָּנֵינוּ כִּי בָּאוּ זָרִים
נב עַל־מִקְדְּשֵׁי בֵּית יְהוָה׃ לָכֵן הִנֵּה־יָמִים בָּאִים נְאֻם־

לד׳ אכלני ק׳ המּמני ק׳ הציגני ק׳ בלעני ק׳ הדיחני ק׳
מו׳ כ״א משל מח׳ סבירין יבאו

נאָך אַ קליין ווײַלע,
און קומען וועט די שניטצייט אויף איר.

34 פאַרצערט האָט מיך, צעדריקט האָט מיך,
נבוכַדרֶאצַר דער מלך פון בָּבל;
ווי אַ ליידיקע כּלי האָט ער מיך אָפּגעשטעלט,
ווי אַ קראָקאָדיל האָט ער מיך אײַנגעשלונגען;
ער האָט אָנגעפילט זיין בויך מיט מיינע געריכטן;
אַוועקגעשווענקט האָט ער מיך.
35 „דאָס אומרעכט צו מיר און מיין פלייש אויף בָּבל!"
זאָגט די באַווינערין פון צִיון;
און: „מיין בלוט אויף די באַווינער פון כַּשׂדים!"
זאָגט ירושָלַיִם.

36 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט:
זע, איך קריג דיין קריג,
און וועל זיך נוֹקם זיין דיין נקמה;
און איך וועל אויסטריקענען איר ים,
און טרוקן מאַכן איר קוואַל.
37 און בָּבל וועט ווערן צו הויפנס,
אַ וווינונג פון שאַקאַלן,
אַ שרעק און אַ שמוצערונג,
אָן אַ באַווינער.
38 אין איינעם ווי יונגלייבן וועלן זיי ברילן,
ווי קליינע לייבן וועלן זיי שרייען.
39 מיט גיפט וועל איך צוריכטן זייער טראַנק,
און איך וועל זיי פאַרשיכּורן, כּדי זיי זאָלן זיך צאַפּלען,
און אײַנשלאָפן אַן אייביקן שלאָף,
און זיך ניט אויפכאַפּן, זאָגט גאָט.
40 איך וועל זיי מאַכן נידערן ווי לעמער צו דער שחיטה,
ווי ווידערס מיט בּעק.
41 ווי איז באַצוואונגען געוואָרן שֵׁשַׁך[א],
און אײַנגענומען געוואָרן דער לויב פון דער גאַנצער ערד!
ווי איז בָּבל צו וויסט געוואָרן
צווישן די פעלקער!
42 אויפגעגאַנגען איז דער ים אויף בָּבל;
פון זיינע פיל אינדן איז זי פאַרדעקט געוואָרן.
43 אירע שטעט זיינען געוואָרן אַ וויסטעניש,
אַ טרוקן לאַנד און אַ מדבּר,
אַ לאַנד וואָס קיין שום מענטש וווינט ניט דערין,
און קיין מענטשנקינד גייט ניט דורך דערין.
44 און איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט בֵּל אין בָּבל[ב],
און וועל אַרויסציען זיין שלונג[ג] פון זיין מויל,
און מער וועלן ניט שטראָמען צו אים פעלקער;
אויך די מויער פון בָּבל טוט פאַלן.

45 גייט אַרויס פון איר, מיין פאָלק,
און ראַטעוועט איטלעכער זיין נפש,
פון דעם גרימצאָרן פון גאָט.
46 און זאָל ניט שלאַף ווערן אײַער האַרץ,
אַז אגר זאָלט מורא האָבן
פאַר דער הערונג וואָס ווערט געהערט אין לאַנד;
וואָרום אַ הערונג וועט קומען איין יאָר,
און דאָס יאָר נאָכדעם אַ הערונג,
און רויב וועט זיין אין לאַנד,
אַ געוועלטיקער קעגן אַ געוועלטיקער.
47 פאַרוואָר, זע, טעג קומען,
און איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט די געצן פון בָּבל,
און איר גאַנץ לאַנד וועט זיך שעמען,
און אַלע אירע דערשלאָגענע וועלן פאַלן אין איר מיט.
48 און זינגען וועלן איבער בָּבל
הימל און ערד און אַלץ וואָס אין זיי;
וואָרום פון צפון וועלן קומען אויף איר
די פאַרוויסטערס, זאָגט גאָט.
49 אויך בָּבל איז צום פאַלן,
איר דערשלאָגענע פון ישׂראל!
אויך אין בָּבל טוט מען פאַלן,
איר דערשלאָגענע פון דער גאַנצער ערד!
50 איר אַנטרונענע פון שווערד,
גייט, איר זאָלט אײַך ניט אָפּשטעלן;
דערמאָנט פון דער ווייטן גאָט,
און ירושָלַיִם זאָל אויפגיין אויף אײַער האַרצן.
51 „מיר שעמען זיך, ווייל חרפּות האָבן מיר זיך אָנגעהערט,
אַ בושה באַדעקט אונדזער פּנים,
ווייל פרעמדע זיינען געקומען
אויף די הייליקטומען פון גאָטס הויז".
52 אָבער זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,

[א] זע כה, 26. [ב, ג] וואָרטשפּיל: בַּל בְּבָבֶל בִּלְעוֹ.

נג יְהוָה וּפָקַדְתִּי עַל־פְּסִילֶיהָ וּבְכָל־אַרְצָהּ יֶאֱנֹק חָלָל׃ כִּי־
תַעֲלֶה בָבֶל הַשָּׁמַיִם וְכִי תְבַצֵּר מְרוֹם עֻזָּהּ מֵאִתִּי יָבֹאוּ
נד שֹׁדְדִים לָהּ נְאֻם־יְהוָה׃ קוֹל זְעָקָה מִבָּבֶל וְשֶׁבֶר גָּדוֹל
נה מֵאֶרֶץ כַּשְׂדִּים׃ כִּי־שֹׁדֵד יְהוָה אֶת־בָּבֶל וְאִבַּד מִמֶּנָּה
קוֹל גָּדוֹל וְהָמוּ גַלֵּיהֶם כְּמַיִם רַבִּים נִתַּן שְׁאוֹן קוֹלָם׃
נו כִּי בָא עָלֶיהָ עַל־בָּבֶל שׁוֹדֵד וְנִלְכְּדוּ גִּבּוֹרֶיהָ חִתְּתָה
נז קַשְּׁתוֹתָם כִּי אֵל גְּמֻלוֹת יְהוָה שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם׃ וְהִשְׁכַּרְתִּי
שָׂרֶיהָ וַחֲכָמֶיהָ פַּחוֹתֶיהָ וּסְגָנֶיהָ וְגִבּוֹרֶיהָ וְיָשְׁנוּ שְׁנַת־עוֹלָם
נח וְלֹא יָקִיצוּ נְאֻם־הַמֶּלֶךְ יְהוָה צְבָאוֹת שְׁמוֹ׃ כֹּה־
אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת חֹמוֹת בָּבֶל הָרְחָבָה עַרְעֵר תִּתְעַרְעָר
וּשְׁעָרֶיהָ הַגְּבֹהִים בָּאֵשׁ יִצַּתּוּ וְיִגְעוּ עַמִּים בְּדֵי־רִיק וּלְאֻמִּים
נט בְּדֵי־אֵשׁ וְיָעֵפוּ׃ הַדָּבָר אֲשֶׁר־צִוָּה ׀ יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא
אֶת־שְׂרָיָה בֶן־נֵרִיָּה בֶּן־מַחְסֵיָה בְּלֶכְתּוֹ אֶת־צִדְקִיָּהוּ
מֶלֶךְ־יְהוּדָה בָּבֶל בִּשְׁנַת הָרְבִעִית לְמָלְכוֹ וּשְׂרָיָה שַׂר
ס מְנוּחָה׃ וַיִּכְתֹּב יִרְמְיָהוּ אֵת כָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר־תָּבוֹא אֶל־
בָּבֶל אֶל־סֵפֶר אֶחָד אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה הַכְּתֻבִים
סא אֶל־בָּבֶל׃ וַיֹּאמֶר יִרְמְיָהוּ אֶל־שְׂרָיָה כְּבֹאֲךָ בָבֶל וְרָאִיתָ
סב וְקָרָאתָ אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ וְאָמַרְתָּ יְהוָה אַתָּה
דִבַּרְתָּ אֶל־הַמָּקוֹם הַזֶּה לְהַכְרִיתוֹ לְבִלְתִּי הֱיוֹת־בּוֹ יוֹשֵׁב
סג לְמֵאָדָם וְעַד־בְּהֵמָה כִּי־שִׁמְמוֹת עוֹלָם תִּהְיֶה׃ וְהָיָה
כְּכַלֹּתְךָ לִקְרֹא אֶת־הַסֵּפֶר הַזֶּה תִּקְשֹׁר עָלָיו אֶבֶן
סד וְהִשְׁלַכְתּוֹ אֶל־תּוֹךְ פְּרָת׃ וְאָמַרְתָּ כָּכָה תִּשְׁקַע בָּבֶל וְלֹא־
תָקוּם מִפְּנֵי הָרָעָה אֲשֶׁר אָנֹכִי מֵבִיא עָלֶיהָ וְיָעֵפוּ עַד־הֵנָּה
דִּבְרֵי יִרְמְיָהוּ׃

נב

א בֶּן־עֶשְׂרִים וְאַחַת שָׁנָה צִדְקִיָּהוּ בְמָלְכוֹ וְאַחַת עֶשְׂרֵה
שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלָ͏ִם וְשֵׁם אִמּוֹ חֲמִיטַל בַּת־יִרְמְיָהוּ

נא, נו׳ סבי״ל נח׳ פתח באתנח נב, א׳ חמיטל קרי

און איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט אירע געצן,
און אין איר גאַנצן לאַנד וועלן קרעכצן דערשלאָגענע.
53 ווען אַרויפגיין אין הימל זאָל בָּבל,
און ווען זי זאָל באַפעסטיקן די הייך פון איר מאַכט,
וועלן פון מיר קומען פאַרוויסטערס אויף איר,
זאָגט גאָט.
54 אַ קָול פון געשריי פון בָּבל,
און אַ גרויסער בראָך פון לאַנד כַּשׂדים!
55 וואָרום גאָט פאַרוויסט בָּבל,
און וועט אונטערברענגען פון איר דעם גרויסן טומל;
און זייערע אינדן וועלן ברומען ווי גרויסע וואַסערן;
עס הילכט דער ליאַרעם פון זייער קָול.
56 וואָרום עס קומט אויף איר, אויף בָּבל, אַ פאַרוויסטער,
און אירע גיבורים וועלן באַצוווּנגען ווערן,
זייערע בויגנס ווערן צעבראָכן;
וואָרום אַ גאָט פון פאַרגעלטונג איז יהוה,
באַצאָלן וועט ער באַצאָלן.
57 און איך וועל פאַרשיכּורן אירע האַרן און אירע חכמים,
אירע דוכּסים און אירע פירשטן און אירע גיבורים,
און זיי וועלן אַיינשלאָפן אַן אייביקן שלאָף,
און וועלן זיך ניט אויפכאַפּן,
זאָגט דער קיניג—
יהוה פון צבָאוֹת איז זיין נאָמען.

58 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאוֹת:
אַיינגעוואָרפן וועלן אַיינגעוואָרפן ווערן
די ברייטע מויערן פון בָּבל,
און אירע הויכע טויערן
וועלן אין פייער אָנגעצונדן ווערן;
און די פעלקער וועלן זיך מיען אומנישט,
און די אומות פאַרן פייער;
און זיי וועלן פאַרמאַטערט ווערן.

59 דאָס וואָרט וואָס יִרמיָהו הנביא האָט באַפוילן שׂרָיָה דעם זון פון נֵרִיָה דעם זון פון מַחסֵיָהן, ווען ער איז געגאַנגען מיט צִדקִיָהו דעם מלך פון יהודה קיין בָּבל, אין פירטן יאָר פון זיין מלוכה; און שׂרָיָה איז געווען דער לאַגערמייסטער. 60 און יִרמיָהו האָט אויפגעשריבן דאָס גאַנצע בייז וואָס וועט קומען אויף בָּבל, אין איין בוך, אַלע די דאָזיקע ווערטער וואָס זיינען געשריבן אויף בָּבל. 61 און יִרמיָהו האָט געזאָגט צו שׂרָיָהן: ווי דו קומסט קיין בָּבל, אַזוי זאָלסטו זען און איבער־לייענען אַלע די דאָזיקע ווערטער, 62 און זאָלסט זאָגן: גאָט, דו האָסט גערעדט אויף דעם דאָזיקן אָרט, אים צו פאַר־שניידן, אַז קיין ווינער זאָל אין אים ניט זיין, פון אַ מענטש ביז אַ בהמה, נייערט אייביקע וויסטענישן זאָל עס זיין. 63 און עס וועט זיין, ווי דו ענדיקסט לייענען דאָס דאָזיקע בוך, זאָלסטו אָנבינדן אָן אים אַ שטיין, און עס אַריינוואַרפן אין מיטן פְּרָת; 64 און זאָלסט זאָגן: אַזוי וועט אַיינגעזונקען ווערן בָּבל, און ניט אויפשטיין, פון וועגן דעם בייז וואָס איך ברענג אויף איר. און זיי וועלן פאַרמאַטערט ווערן.

ביז דאַנען זיינען די ווערטער פון יִרמיָהון.

נב 1 איין און צוואַנציק יאָר איז צִדקִיָהו אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און עלף יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם; און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען חַמוטַל די טאָכטער פון יִרמיָהון פון

לְבָנָה. 2 און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין־די אויגן
פון גאָט, אַזוי ווי אַלץ וואָס יהוֹיָקים האָט געטאָן. 3 וואָרום
פון וועגן דעם צאָרן פון גאָט איז דאָס געשען אין ירוּשָלַיִם
און יהודה, ביז ער האָט זיי אַוועקגעוואָרפן פון זיין פּנים.
און צִדְקִיָהו האָט ווידערשפּעניקט אָן דעם מלך פון
בָּבֶל. 4 און עס איז געווען אין ניינטן יאָר פון זיין מלוכה,
אין צענטן חודש, אין צענטן טאָג פון חודש, איז געקומען
נבוּכַדרֶאצַר דער מלך פון בָּבֶל, ער מיט זיין גאַנצן חיל,
אויף ירוּשָלַיִם, און זיי האָבן געלעגערט אויף איר, און
געבויט אַ באַלעגערמויער רונד אַרום איר. 5 און די
שטאָט איז געווען אין באַלעגערונג ביזן עלפטן יאָר פון
מלך צִדְקִיָהון. 6 אין פערטן חודש, אין ניינטן טאָג פון
חודש, האָט זיך געשטאַרקט דער הונגער אין שטאָט, און
עס איז ניט געווען קיין ברויט פאַר דעם פאָלק פון לאַנד.
7 איז איינגעבראָכן געוואָרן די שטאָט; און אַלע מלחמה־
לייט זיינען אַנטלאָפן, און זיינען אַרויס פון שטאָט ביי נאַכט
דורך דעם טויער צווישן די צוויי מויערן וואָס ביים מלכס
גאָרטן–און די כַּשׂדים זיינען געווען ביין שטאָט רונד אַרום–
און זיי זיינען אַוועק מיטן וועג פון פּלוין. 8 האָט דער חיל
פון די כַּשׂדים נאָכגעיאָגט דעם מלך, און זיי האָבן אָנגעיאָגט
צִדְקִיָהון אין די פּלוינען פון יריחו; און זיין גאַנצער חיל
איז זיך צעלאָפן פון אים. 9 און זיי האָבן געכאַפּט דעם
מלך, און האָבן אים אַרויפגעבראַכט צו דעם מלך פון
בָּבֶל קיין רִבלָה אין לאַנד חֲמָת; און ער האָט אַרויס־
געזאָגט אויף אים אַ משפּט. 10 און דער מלך פון בָּבֶל האָט געשאָכטן די זין פון צִדְקִיָהון פאַר זיינע אויגן; און
אויך אַלע האַרן פון יהודה האָט ער געשאָכטן אין רִבלָה. 11 און צִדְקִיָהוס אויגן האָט ער בלינד געמאַכט, און האָט
אים געשמידט אין קופּערנע קייטן; און דער מלך פון בָּבֶל האָט אים געבראַכט קיין בָּבֶל, און האָט אים אַריינגעזעצט אין
וואַכהויז ביז דעם טאָג פון זיין טויט.

12 און אין פינפטן חודש, אין צענטן טאָג פון חודש–דאָס איז דאָס ניינצנטע יאָר פון מלך נבוּכַדרֶאצַר, דעם מלך
פון בָּבֶל–איז געקומען נבוּזַראֲדָן דער הויפּט פון דעם לייַב־חיל, וואָס איז געשטאַנען פאַר דעם מלך פון בָּבֶל אין ירוּשָלַיִם.
13 און ער האָט פאַרברענט דאָס הויז פון גאָט, און דעם מלכס הויז; און אַלע הייזער פון ירוּשָלַיִם, וווּ נאָר אַ הויז פון אַ
גרויסן מאַן, האָט ער פאַרברענט אין פייער. 14 און אַלע מויערן פון ירוּשָלַיִם רונד אַרום האָט דער גאַנצער חיל פון די
כַּשׂדים וואָס מיט דעם הויפּט פון דעם לייַב־חיל איינגעוואָרפן. 15 און פון די אָרימע פון פאָלק און דעם רעשט פון פאָלק
וואָס זיינען געבליבן אין שטאָט, און די צוגעפאַלענע וואָס זיינען צוגעפאַלן צו דעם מלך פון בָּבֶל, און דעם רעשט פון די
מייַנסטער, האָט נבוּזַראֲדָן דער הויפּט פון דעם לייַב־חיל פאַרטריבן. 16 אָבער פון די אָרימע פון לאַנד האָט נבוּזַראֲדָן
דער הויפּט פון דעם לייַב־חיל איבערגעלאָזט פאַר וויינגאָרטנירער און פאַר אַקערלייט.

ב מִלִּבְנָה: וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה יְהוֹיָקִים:
ג כִּי ׀ עַל־אַף יְהוָה הָיְתָה בִּירוּשָׁלִַם וִיהוּדָה עַד־הִשְׁלִיכוֹ
ד אוֹתָם מֵעַל פָּנָיו וַיִּמְרֹד צִדְקִיָּהוּ בְּמֶלֶךְ בָּבֶל: וַיְהִי
בַשָּׁנָה הַתְּשִׁעִית לְמָלְכוֹ בַּחֹדֶשׁ הָעֲשִׂירִי בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ
בָּא נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל הוּא וְכָל־חֵילוֹ עַל־יְרוּשָׁלִַם
ה וַיַּחֲנוּ עָלֶיהָ וַיִּבְנוּ עָלֶיהָ דָּיֵק סָבִיב: וַתָּבֹא הָעִיר בַּמָּצוֹר
ו עַד עַשְׁתֵּי עֶשְׂרֵה שָׁנָה לַמֶּלֶךְ צִדְקִיָּהוּ: בַּחֹדֶשׁ הָרְבִיעִי
בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ וַיֶּחֱזַק הָרָעָב בָּעִיר וְלֹא־הָיָה לֶחֶם לְעַם
ז הָאָרֶץ: וַתִּבָּקַע הָעִיר וְכָל־אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה יִבְרְחוּ וַיֵּצְאוּ
מֵהָעִיר לַיְלָה דֶּרֶךְ שַׁעַר בֵּין־הַחֹמֹתַיִם אֲשֶׁר עַל־גַּן הַמֶּלֶךְ
ח וְכַשְׂדִּים עַל־הָעִיר סָבִיב וַיֵּלְכוּ דֶּרֶךְ הָעֲרָבָה: וַיִּרְדְּפוּ
חֵיל־כַּשְׂדִּים אַחֲרֵי הַמֶּלֶךְ וַיַּשִּׂיגוּ אֶת־צִדְקִיָּהוּ בְּעַרְבֹת
ט יְרֵחוֹ וְכָל־חֵילוֹ נָפֹצוּ מֵעָלָיו: וַיִּתְפְּשׂוּ אֶת־הַמֶּלֶךְ וַיַּעֲלוּ
אֹתוֹ אֶל־מֶלֶךְ בָּבֶל רִבְלָתָה בְּאֶרֶץ חֲמָת וַיְדַבֵּר אִתּוֹ
י מִשְׁפָּטִים: וַיִּשְׁחַט מֶלֶךְ־בָּבֶל אֶת־בְּנֵי צִדְקִיָּהוּ לְעֵינָיו וְגַם
יא אֶת־כָּל־שָׂרֵי יְהוּדָה שָׁחַט בְּרִבְלָתָה: וְאֶת־עֵינֵי צִדְקִיָּהוּ
עִוֵּר וַיַּאַסְרֵהוּ בַנְחֻשְׁתַּיִם וַיְבִאֵהוּ מֶלֶךְ־בָּבֶל בָּבֶלָה
יב וַיִּתְּנֵהוּ בְבֵית־הַפְּקֻדֹּת עַד־יוֹם מוֹתוֹ: וּבַחֹדֶשׁ הַחֲמִישִׁי
בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ הִיא שְׁנַת תְּשַׁע־עֶשְׂרֵה שָׁנָה לַמֶּלֶךְ
נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל בָּא נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים עָמַד
יג לִפְנֵי מֶלֶךְ־בָּבֶל בִּירוּשָׁלִָם: וַיִּשְׂרֹף אֶת־בֵּית־יְהוָה וְאֶת־
בֵּית הַמֶּלֶךְ וְאֵת כָּל־בָּתֵּי יְרוּשָׁלִַם וְאֶת־כָּל־בֵּית הַגָּדוֹל
יד שָׂרַף בָּאֵשׁ: וְאֶת־כָּל־חֹמוֹת יְרוּשָׁלִַם סָבִיב נָתְצוּ כָּל־חֵיל
טו כַּשְׂדִּים אֲשֶׁר אֶת־רַב־טַבָּחִים: וּמִדַּלּוֹת הָעָם וְאֶת־יֶתֶר
הָעָם ׀ הַנִּשְׁאָרִים בָּעִיר וְאֶת־הַנֹּפְלִים אֲשֶׁר נָפְלוּ אֶל־מֶלֶךְ
בָּבֶל וְאֵת יֶתֶר הָאָמוֹן הֶגְלָה נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים:
טז וּמִדַּלּוֹת הָאָרֶץ הִשְׁאִיר נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים לְכֹרְמִים

יא׳ בית קי

יז וּלְיֹגְבִים׃ וְאֶת־עַמּוּדֵי הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר לְבֵית־יְהוָה וְאֶת־
הַמְּכֹנוֹת וְאֶת־יָם הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר בְּבֵית־יְהוָה שִׁבְּרוּ כַשְׂדִּים
יח וַיִּשְׂאוּ אֶת־כָּל־נְחֻשְׁתָּם בָּבֶלָה׃ וְאֶת־הַסִּרוֹת וְאֶת־הַיָּעִים
וְאֶת־הַמְזַמְּרוֹת וְאֶת־הַמִּזְרָקֹת וְאֶת־הַכַּפּוֹת וְאֵת כָּל־כְּלֵי
יט הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר־יְשָׁרְתוּ בָהֶם לָקָחוּ׃ וְאֶת־הַסִּפִּים וְאֶת־
הַמַּחְתּוֹת וְאֶת־הַמִּזְרָקוֹת וְאֶת־הַסִּירוֹת וְאֶת־הַמְּנֹרוֹת וְאֶת־
הַכַּפּוֹת וְאֶת־הַמְּנַקִּיּוֹת אֲשֶׁר זָהָב זָהָב וַאֲשֶׁר־כֶּסֶף כָּסֶף
כ לָקַח רַב טַבָּחִים׃ הָעַמּוּדִים ׀ שְׁנַיִם הַיָּם אֶחָד וְהַבָּקָר
שְׁנֵים־עָשָׂר נְחֹשֶׁת אֲשֶׁר־תַּחַת הַמְּכֹנוֹת אֲשֶׁר עָשָׂה הַמֶּלֶךְ
שְׁלֹמֹה לְבֵית יְהוָה לֹא־הָיָה מִשְׁקָל לִנְחֻשְׁתָּם כָּל־הַכֵּלִים
כא הָאֵלֶּה׃ וְהָעַמּוּדִים שְׁמֹנֶה עֶשְׂרֵה אַמָּה קוֹמָה הָעַמֻּד
הָאֶחָד וְחוּט שְׁתֵּים־עֶשְׂרֵה אַמָּה יְסֻבֶּנּוּ וְעָבְיוֹ אַרְבַּע
כב אֶצְבָּעוֹת נָבוּב׃ וְכֹתֶרֶת עָלָיו נְחֹשֶׁת וְקוֹמַת הַכֹּתֶרֶת
הָאַחַת חָמֵשׁ אַמּוֹת וּשְׂבָכָה וְרִמּוֹנִים עַל־הַכּוֹתֶרֶת סָבִיב
כג הַכֹּל נְחֹשֶׁת וְכָאֵלֶּה לַעַמּוּד הַשֵּׁנִי וְרִמּוֹנִים׃ וַיִּהְיוּ הָרִמֹּנִים
תִּשְׁעִים וְשִׁשָּׁה רוּחָה כָּל־הָרִמּוֹנִים מֵאָה עַל־הַשְּׂבָכָה
כד סָבִיב׃ וַיִּקַּח רַב־טַבָּחִים אֶת־שְׂרָיָה כֹּהֵן הָרֹאשׁ וְאֶת־
כה צְפַנְיָה כֹּהֵן הַמִּשְׁנֶה וְאֶת־שְׁלֹשֶׁת שֹׁמְרֵי הַסַּף׃ וּמִן־הָעִיר
לָקַח סָרִיס אֶחָד אֲשֶׁר־הָיָה פָקִיד ׀ עַל־אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה
וְשִׁבְעָה אֲנָשִׁים מֵרֹאֵי פְנֵי־הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר נִמְצְאוּ בָעִיר וְאֵת
סֹפֵר שַׂר הַצָּבָא הַמַּצְבִּא אֶת־עַם הָאָרֶץ וְשִׁשִּׁים אִישׁ
כו מֵעַם הָאָרֶץ הַנִּמְצְאִים בְּתוֹךְ הָעִיר׃ וַיִּקַּח אוֹתָם נְבוּזַרְאֲדָן
כז רַב־טַבָּחִים וַיֹּלֶךְ אוֹתָם אֶל־מֶלֶךְ בָּבֶל רִבְלָתָה׃ וַיַּכֶּה
אוֹתָם מֶלֶךְ בָּבֶל וַיְמִתֵם בְּרִבְלָה בְּאֶרֶץ חֲמָת וַיִּגֶל יְהוּדָה
כח מֵעַל אַדְמָתוֹ׃ זֶה הָעָם אֲשֶׁר הֶגְלָה נְבוּכַדְרֶאצַּר בִּשְׁנַת־
כט שֶׁבַע יְהוּדִים שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים וְעֶשְׂרִים וּשְׁלֹשָׁה׃ בִּשְׁנַת
שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה לִנְבוּכַדְרֶאצַּר מִירוּשָׁלִַם נֶפֶשׁ שְׁמֹנֶה מֵאוֹת

כ׳ כצ״ל סטנ וקרי   כא׳ קמה ק

17 און די קופּערנע זײַלן וואָס אין הויז פון גאָט, און די געשטעלן, און דעם קופּערנעם ים וואָס אין הויז פון גאָט, האָבן די כַּשׂדים צעבראָכן, און האָבן אַוועקגעטראָגן זייער גאַנצע קופּער קיין בָּבל. 18 אויך די טעפּ, און די שופלען, און די שנייצמעסערס, און די שפּרענגבעקנס, און די שאָלן, און אַלע קופּערנע כלים וואָס מע פלעגט דינען מיט זיי, האָבן זיי צוגענומען. 19 און די בעקנס, און די פֿײַערפאַנען, און די שפּרענגבעקנס, און די טעפּ, און די מנורות, און די שאָלן, און די שיסלען, וואָס גאָלד, גאָלד, און וואָס זילבער, זילבער, האָט דער הויפּט פון לײַב־חיל צוגענומען. 20 די צוויי זײַלן, דער איין ים, און די צוועלף קופּערנע רינדער וואָס אונטער די געשטעלן, וואָס שלמה המלך האָט געמאַכט פאַרן הויז פון גאָט — דאָס קופּער פון אַלע דידאָזיקע כלים איז ניט געווען אָפּ־צוּוועגן. 21 און די זײַלן: אַכצן איילן איז געווען די הייך פון איין זײַל, און אַ פאָדים פון צוועלף איילן האָט אים אַרומגערינגלט, און זײַן גרעב איז געווען פיר פינגער; הויל אינעווייניק. 22 און אַ קרוין איז געווען אויף אים פון קופּער; און די הייך פון איין זײַל איז געווען פינף איילן, מיט אַ נעצווערק און מילגרוימען אויף דער קרוין רונד אַרום, אַלצדינג פון קופּער; און אַזוי ווי דידאָזיקע אויפן צווייטן זײַל, מיט מילגרוימען. 23 און די מילגרוימען זײַנען געווען זעקס און נײַנציק צו דערויסן צו; אַלע מילגרוימען אויפן נעצווערק רונד אַרום זײַנען געווען הונדערט.

24 און דער הויפּט פון דעם לײַב־חיל האָט גענומען שׂרָיָה דעם אויבער־כֹּהן, און צפַניָה דעם צווייטן כֹּהן, און די דריי שוועלהיטער; 25 און פון דער שטאָט האָט ער גענומען איין הויפדינער וואָס איז געווען דער אויפ־זעער איבער די מלחמה־לײַט, און זיבן מענער פון די וואָס פלעגן זען דעם מלכס פּנים, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטאָט, און דעם שרײַבער פון דעם חיל־פירער, וואָס פלעגט אויפנעמען אין חיל דאָס פאָלק פון לאַנד, און זעכציק מאַן פון דעם פאָלק פון לאַנד, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטאָט. 26 און נבוזַראַדן דער הויפּט פון דעם לײַב־חיל האָט זיי גענומען, און האָט זיי אַוועקגעפירט צום מלך פון בָּבל קיין רִבלָה. 27 און דער מלך פון בָּבל האָט זיי געשלאָגן און זיי געטייט אין רִבלָה אין לאַנד חֲמָת. אַזוי איז יהודה אין גלות אַוועק פון זײַן לאַנד.

28 דאָס איז דאָס פאָלק וואָס נבוכדראצר האָט פאַרטריבן: אין זיבעטן יאָר, יהודהער דרײַ טויזנט און דרײַ און צוואַנציק; 29 אין אַכצנטן יאָר פון נבוכַדרֶאצרן, פון ירושלַיִם אַכט הונדערט און צוויי און דרײַסיק נפשות;

ל שְׁלֹשִׁים וּשְׁנָיִם׃ בִּשְׁנַת שָׁלֹשׁ וְעֶשְׂרִים לִנְבוּכַדְרֶאצַּר
הֶגְלָה נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים יְהוּדִים נֶפֶשׁ שְׁבַע מֵאוֹת
אַרְבָּעִים וַחֲמִשָּׁה כָּל־נֶפֶשׁ אַרְבַּעַת אֲלָפִים וְשֵׁשׁ מֵאוֹת׃
לא וַיְהִי בִשְׁלֹשִׁים וָשֶׁבַע שָׁנָה לְגָלוּת יְהוֹיָכִן מֶלֶךְ־
יְהוּדָה בִּשְׁנֵים עָשָׂר חֹדֶשׁ בְּעֶשְׂרִים וַחֲמִשָּׁה לַחֹדֶשׁ נָשָׂא
אֱוִיל מְרֹדַךְ מֶלֶךְ בָּבֶל בִּשְׁנַת מַלְכֻתוֹ אֶת־רֹאשׁ יְהוֹיָכִין
לב מֶלֶךְ־יְהוּדָה וַיֹּצֵא אוֹתוֹ מִבֵּית הַכְּלִיא׃ וַיְדַבֵּר אִתּוֹ טֹבוֹת
וַיִּתֵּן אֶת־כִּסְאוֹ מִמַּעַל לְכִסֵּא מְלָכִים אֲשֶׁר אִתּוֹ בְּבָבֶל׃
לג וְשִׁנָּה אֵת בִּגְדֵי כִלְאוֹ וְאָכַל לֶחֶם לְפָנָיו תָּמִיד כָּל־יְמֵי
לד חַיָּו׃ וַאֲרֻחָתוֹ אֲרֻחַת תָּמִיד נִתְּנָה־לּוֹ מֵאֵת מֶלֶךְ־בָּבֶל
דְּבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ עַד־יוֹם מוֹתוֹ כֹּל יְמֵי חַיָּו׃

לא׳ הכלא ק  לב׳ המלכים ק  לג׳ חסר יו״ד

[30] אין דריי און צוואַנציקסטן יאָר פון נבוכַדרֶאצַרן. האָט נבוזַרְאַדָן דער הויפּט פון דעם לייַב־חיל פאַרטריבן יהודהער זיבן הונדערט און פינף און פערציק נפשות; אַלע נפשות, פיר טויזנט און זעקס הונדערט.

[31] און עס איז געווען אין זיבן און דרייסיקסטן יאָר פון דעם גלות פון יהויָכין דעם מלך פון יהודה, אין צוועלפטן חודש, אין פינף און צוואַנציקסטן טאָג פון חודש, האָט אֱויל־מרודַך דער מלך פון בָבל, אין דעם יאָר וואָס ער איז געוואָרן מלך, אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון יהויָכין דעם מלך פון יהודה, און האָט אים אַרויסגעצויגן פון תפיסה. [32] און ער האָט גערעדט צו אים פריינטלעך, און האָט געשטעלט זיין שטול איבער די שטולן פון די מלכים וואָס ביי אים אין בָבל. [33] און ער האָט אומגעביטן זיינע תפיסה־קליידער; און ער האָט געגעסן ביי אים ברויט תמיד, אַלע טעג פון זיין לעבן. [34] און זיין אויסקומעניש, אַ שטענדיקע אויסקומעניש, איז אים געגעבן געוואָרן פון דעם מלך פון בָבל טאָגטעגלעך ביז צום טאָג פון זיין טויט, אַלע טעג פון זיין לעבן.

# חזק ונתחזק

סכום הפסוקים של ירמיהו אלף ושלש מאות וששים וחמשה. וכל אנשיה גברים סימן. וחציו. ויאמר חנניה. וסדריו אחד ושלשים. לא איש אל ויכזב סימן: ופרקיו חמשים ושנים אודה יהוה בכל לבב סימן:

# יְחֶזְקֵאל

א וַיְהִי בִּשְׁלֹשִׁים שָׁנָה בָּרְבִיעִי בַּחֲמִשָּׁה לַחֹדֶשׁ וַאֲנִי בְתוֹךְ־
הַגּוֹלָה עַל־נְהַר־כְּבָר נִפְתְּחוּ הַשָּׁמַיִם וָאֶרְאֶה מַרְאוֹת
ב אֱלֹהִים׃ בַּחֲמִשָּׁה לַחֹדֶשׁ הִיא הַשָּׁנָה הַחֲמִישִׁית לְגָלוּת
ג הַמֶּלֶךְ יוֹיָכִין׃ הָיֹה הָיָה דְבַר־יְהֹוָה אֶל־יְחֶזְקֵאל בֶּן־בּוּזִי
הַכֹּהֵן בְּאֶרֶץ כַּשְׂדִּים עַל־נְהַר־כְּבָר וַתְּהִי עָלָיו שָׁם יַד־
ד יְהֹוָה׃ וָאֵרֶא וְהִנֵּה רוּחַ סְעָרָה בָּאָה מִן־הַצָּפוֹן עָנָן גָּדוֹל
וְאֵשׁ מִתְלַקַּחַת וְנֹגַהּ לוֹ סָבִיב וּמִתּוֹכָהּ כְּעֵין הַחַשְׁמַל
ה מִתּוֹךְ הָאֵשׁ׃ וּמִתּוֹכָהּ דְּמוּת אַרְבַּע חַיּוֹת וְזֶה מַרְאֵיהֶן
ו דְּמוּת אָדָם לָהֵנָּה׃ וְאַרְבָּעָה פָנִים לְאֶחָת וְאַרְבַּע כְּנָפַיִם
ז לְאַחַת לָהֶם׃ וְרַגְלֵיהֶם רֶגֶל יְשָׁרָה וְכַף רַגְלֵיהֶם כְּכַף
ח רֶגֶל עֵגֶל וְנֹצְצִים כְּעֵין נְחֹשֶׁת קָלָל׃ וִידֵו אָדָם מִתַּחַת
כַּנְפֵיהֶם עַל אַרְבַּעַת רִבְעֵיהֶם וּפְנֵיהֶם וְכַנְפֵיהֶם לְאַרְבַּעְתָּם׃
ט חֹבְרֹת אִשָּׁה אֶל־אֲחוֹתָהּ כַּנְפֵיהֶם לֹא־יִסַּבּוּ בְלֶכְתָּן
י אִישׁ אֶל־עֵבֶר פָּנָיו יֵלֵכוּ׃ וּדְמוּת פְּנֵיהֶם פְּנֵי אָדָם וּפְנֵי
אַרְיֵה אֶל־הַיָּמִין לְאַרְבַּעְתָּם וּפְנֵי־שׁוֹר מֵהַשְּׂמֹאול
יא לְאַרְבַּעְתָּן וּפְנֵי־נֶשֶׁר לְאַרְבַּעְתָּן׃ וּפְנֵיהֶם וְכַנְפֵיהֶם פְּרֻדוֹת
מִלְמָעְלָה לְאִישׁ שְׁתַּיִם חֹבְרוֹת אִישׁ וּשְׁתַּיִם מְכַסּוֹת אֵת
יב גְּוִיֹּתֵיהֶנָה׃ וְאִישׁ אֶל־עֵבֶר פָּנָיו יֵלֵכוּ אֶל אֲשֶׁר יִהְיֶה־
יג שָׁמָּה הָרוּחַ לָלֶכֶת יֵלֵכוּ לֹא יִסַּבּוּ בְּלֶכְתָּן׃ וּדְמוּת הַחַיּוֹת
מַרְאֵיהֶם כְּגַחֲלֵי־אֵשׁ בֹּעֲרוֹת כְּמַרְאֵה הַלַּפִּדִים הִיא

א׳ הפטרה ליום א׳ של שבועות ח׳ וידי קרי י׳ מלא ו׳

## א

[1] און עס איז געווען אין דרייסיקסטן יאָר, אין פירטן חוֹדש, אין פינפטן טאָג פון חוֹדש, ווען איך בין געווען צווישן די פאַרטריבענע ביים טייך כבָר, האָבן זיך געעפנט די הימלען, און איך האָב געזען זעאונגען פון גאָט. [2] אין פינפטן טאָג פון חוֹדש—דאָס איז דאָס פינפטע יאָר נאָך דעם גלות פון מלך יוֹיָכין—[3] איז געווען דאָס וואָרט פון גאָט צו יחֶזקאל דעם זון פון בוזין, דעם כֹּהן, אין לאַנד פון די כַּשׂדים ביים טייך כבָר; און די האַנט פון גאָט איז דאָרטן געווען אויף אים.

[4] און איך האָב געזען, ערשט אַ שטורעמווינט איז אָנגעקומען פון צפון, אַ גרויסער וואָלקן מיט אַ פלאַקעריקן פייער און אַ שיין רונד אַרום אים; און אין מיטן פון אים אַזוי ווי דער אָנבליק פון בורשטין—אין מיטן פון פייער. [5] און אין מיטן דערפון איז געווען די געשטאַלט פון פיר חיות. און דאָס איז געווען זייער אויסזען: זיי האָבן געהאַט די געשטאַלט פון אַ מענטשן. [6] און פיר פנימער זיינען ביי איטלעכער געווען, און פיר פליגלען ביי איטלעכער פון זיי. [7] און זייערע פיס זיינען געווען גלייכע פיס, און זייערע פוסטריט זיינען געווען אַזוי ווי דער פוסטריט פון אַ קאַלב; און זיי האָבן געפונקלט אַזוי ווי בלאַנקע קופער. [8] און הענט פון אַ מענטשן זיינען געווען פון אונטער זייערע פליגלען אויף זייערע פיר זייטן; און זייערע פנימער און זייערע פליגלען ביי זיי פירן—[9] זייערע פליגלען זיינען געווען באַהעפט איינער צום אַנדערן—האָבן זיך ניט אומגעדרייט ביי זייער גיין; איטלעכע צו דער זייט פון איר פנים זיינען זיי געגאַנגען. [10] און די געשטאַלט פון זייערע פנימער איז געווען: אַ פנים פון אַ מענטשן; און אַ פנים פון אַ לייב אויף דער רעכטער זייט ביי זיי פירן; און אַ פנים פון אַן אָקס פון דער לינקער זייט ביי זיי פירן; און אַ פנים פון אַן אָדלער ביי זיי פירן. [11] אַזוי זיינען געווען זייערע פנימער; און זייערע פליגלען זיינען געווען פאַנאַנדערגעשפרייט צו דער הייך צו; צוויי פון איטלעכער זיינען געווען באַהעפט אָן איינאַנדער, און צוויי האָבן באַדעקט זייערע לייבער. [12] און איטלעכע צו דער זייט פון איר פנים זיינען זיי געגאַנגען; וווהין דער גייסט איז געווען צו גיין, זיינען זיי געגאַנגען; זיי האָבן זיך ניט אומגעדרייט ביי זייער גיין. [13] און די געשטאַלט פון די חיות, זייער אויסזען, איז געווען אַזוי ווי ברענעדיקע קוילן פייער; אַזוי ווי דאָס אויסזען פון בראַנדהעלצער איז דאָס

אומגעגאַנגען צווישן די חיות; און דאָס פייער האָט געהאַט אַ שיין, און פון דעם פייער איז אַרויסגעגאַנגען אַ בליץ. 14 און די חיות זיינען געלאָפן הין און צוריק, אַזוי ווי דאָס אויסזען פון אַ בליצשטראַל.

15 און איך האָב אָנגעקוקט די חיות, ערשט צו איין ראָד איז אויף דער ערד לעבן די חיות צו זייערע פיר פנימער. 16 דאָס אויסזען פון די רעדער און זייער אַרבעט איז געווען אַזוי ווי דער אָנבליק פון גאָלדשטיין, און איין געשטאַלט איז געווען ביי זיי פירן; און זייער אויסזען און זייער אַרבעט איז געווען אַזוי ווי עס וואָלט זיין אַ ראָד אין אַ ראָד. 17 אַז זיי זיינען געגאַנגען, זיינען זיי געגאַנגען צו זייערע פיר זייטן; זיי האָבן זיך ניט אומגעדרייט ביי זייער גיין. 18 און זייערע רייפן—אי זיי האָבן געהאַט אַ הויכקייט, אי זיי האָבן געהאַט אַ מוֹראדיקייט; און זייערע רייפן זיינען געווען פול מיט אויגן רונד אַרום ביי זיי פירן. 19 און אַז די חיות זיינען געגאַנגען, זיינען געגאַנגען די רעדער לעבן זיי, און אַז די חיות האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, האָבן זיך אויפגעהויבן די רעדער. 20 וווהין נאָר דער גייסט איז געווען צו גיין, זיינען זיי געגאַנגען אַהין ווו דער גייסט איז געווען צו גיין, און די רעדער האָבן זיך אויפ־געהויבן באַגלייך מיט זיי, וואָרום דער גייסט פון די חיות איז געווען אין די רעדער. 21 אַז יענע זיינען געגאַנגען, זיינען זיי געגאַנגען, און אַז יענע האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט; און אַז זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, האָבן זיך אויפגעהויבן די רעדער באַגלייך מיט זיי, וואָרום דער גייסט פון די חיות איז געווען אין די רעדער.

מִתְהַלֶּכֶת בֵּין הַחַיּוֹת וְנֹגַהּ לָאֵשׁ וּמִן־הָאֵשׁ יוֹצֵא בָרָק׃
יד טו וְהַחַיּוֹת רָצוֹא וָשׁוֹב כְּמַרְאֵה הַבָּזָק׃ וָאֵרֶא הַחַיּוֹת וְהִנֵּה
טז אוֹפַן אֶחָד בָּאָרֶץ אֵצֶל הַחַיּוֹת לְאַרְבַּעַת פָּנָיו׃ מַרְאֵה
הָאוֹפַנִּים וּמַעֲשֵׂיהֶם כְּעֵין תַּרְשִׁישׁ וּדְמוּת אֶחָד לְאַרְבַּעְתָּן
וּמַרְאֵיהֶם וּמַעֲשֵׂיהֶם כַּאֲשֶׁר יִהְיֶה הָאוֹפַן בְּתוֹךְ הָאוֹפָן׃
יז עַל־אַרְבַּעַת רִבְעֵיהֶן בְּלֶכְתָּם יֵלֵכוּ לֹא יִסַּבּוּ בְּלֶכְתָּן׃
יח וְגַבֵּיהֶן וְגֹבַהּ לָהֶם וְיִרְאָה לָהֶם וְגַבֹּתָם מְלֵאֹת עֵינַיִם
יט סָבִיב לְאַרְבַּעְתָּן׃ וּבְלֶכֶת הַחַיּוֹת יֵלְכוּ הָאוֹפַנִּים אֶצְלָם
כ וּבְהִנָּשֵׂא הַחַיּוֹת מֵעַל הָאָרֶץ יִנָּשְׂאוּ הָאוֹפַנִּים׃ עַל אֲשֶׁר
יִהְיֶה־שָּׁם הָרוּחַ לָלֶכֶת יֵלֵכוּ שָׁמָּה הָרוּחַ לָלֶכֶת וְהָאוֹפַנִּים
כא יִנָּשְׂאוּ לְעֻמָּתָם כִּי רוּחַ הַחַיָּה בָּאוֹפַנִּים׃ בְּלֶכְתָּם יֵלֵכוּ
וּבְעָמְדָם יַעֲמֹדוּ וּבְהִנָּשְׂאָם מֵעַל הָאָרֶץ יִנָּשְׂאוּ הָאוֹפַנִּים
כב לְעֻמָּתָם כִּי רוּחַ הַחַיָּה בָּאוֹפַנִּים׃ וּדְמוּת עַל־רָאשֵׁי
הַחַיָּה רָקִיעַ כְּעֵין הַקֶּרַח הַנּוֹרָא נָטוּי עַל־רָאשֵׁיהֶם
כג מִלְמָעְלָה׃ וְתַחַת הָרָקִיעַ כַּנְפֵיהֶם יְשָׁרוֹת אִשָּׁה אֶל־
אֲחוֹתָהּ לְאִישׁ שְׁתַּיִם מְכַסּוֹת לָהֵנָּה וּלְאִישׁ שְׁתַּיִם מְכַסּוֹת
כד לָהֵנָּה אֵת גְּוִיֹּתֵיהֶם׃ וָאֶשְׁמַע אֶת־קוֹל כַּנְפֵיהֶם כְּקוֹל
מַיִם רַבִּים כְּקוֹל־שַׁדַּי בְּלֶכְתָּם קוֹל הֲמֻלָּה כְּקוֹל מַחֲנֶה
כה בְּעָמְדָם תְּרַפֶּינָה כַנְפֵיהֶן׃ וַיְהִי־קוֹל מֵעַל לָרָקִיעַ אֲשֶׁר
כו עַל־רֹאשָׁם בְּעָמְדָם תְּרַפֶּינָה כַנְפֵיהֶן׃ וּמִמַּעַל לָרָקִיעַ
אֲשֶׁר עַל־רֹאשָׁם כְּמַרְאֵה אֶבֶן־סַפִּיר דְּמוּת כִּסֵּא וְעַל
כז דְּמוּת הַכִּסֵּא דְּמוּת כְּמַרְאֵה אָדָם עָלָיו מִלְמָעְלָה׃ וָאֵרֶא ׀
כְּעֵין חַשְׁמַל כְּמַרְאֵה־אֵשׁ בֵּית־לָהּ סָבִיב מִמַּרְאֵה מָתְנָיו
וּלְמָעְלָה וּמִמַּרְאֵה מָתְנָיו וּלְמַטָּה רָאִיתִי כְּמַרְאֵה־אֵשׁ וְנֹגַהּ
כח לוֹ סָבִיב׃ כְּמַרְאֵה הַקֶּשֶׁת אֲשֶׁר יִהְיֶה בֶעָנָן בְּיוֹם הַגֶּשֶׁם
כֵּן מַרְאֵה הַנֹּגַהּ סָבִיב הוּא מַרְאֵה דְּמוּת כְּבוֹד־יְהוָה
וָאֶרְאֶה וָאֶפֹּל עַל־פָּנַי וָאֶשְׁמַע קוֹל מְדַבֵּר׃

כח׳ דלג עד ג, יב׳

22 און איבער די קעפּ פון די חיות איז געווען די געשטאַלט פון אַ הימל, אַזוי ווי דער אָנבליק פון מוֹראדיקן אַייז, אויסגעשפּרייט איבער זייערע קעפּ פון אויבן. 23 און אונטער דעם הימל זיינען געווען זייערע פליגלען, איינער גלייך אַקעגן אַנדערן; צו צוויי פון איטלעכער פון זיי האָבן צוגעדעקט, צו צוויי פון איטלעכער פון זיי האָבן צוגעדעקט זייערע לייבער. 24 און אַז זיי זיינען געגאַנגען, האָב איך געהערט דאָס גערויש פון זייערע פליגלען, אַזוי ווי דאָס גערויש פון גרויסע וואַסערן, אַזוי ווי דער קָול פון אַלמאַכטיקן, אַ טומלדיק גערויש, אַזוי ווי דאָס גערויש פון אַ מחנה; אַז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט זייערע פליגלען. 25 און עס איז געוואָרן אַ גערויש איבער דעם הימל וואָס אויף זייערע קעפּ, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּלאָזנדיק זייערע פליגלען.

26 און איבער דעם הימל וואָס אויף זייערע קעפּ איז געווען אַזוי ווי דאָס אויסזען פון סאַפּירשטיין, די געשטאַלט פון אַ טראָן; און אויף דער געשטאַלט פון דעם טראָן אַ געשטאַלט אַזוי ווי דאָס אויסזען פון אַ מענטשן, אויבן אויף אים. 27 און איך האָב געזען אַזוי ווי דעם אָנבליק פון בורשטין, מיט אַן אַיינראָם דערצו רונד אַרום אַזוי ווי דאָס אויסזען פון פייער, פון דעם אויסזען פון זיינע לענדן און אַרויף; און פון דעם אויסזען פון זיינע לענדן און אַראָפּ האָב איך געזען אַזוי ווי דאָס אויסזען פון פייער, מיט אַ שיין רונד אַרום אים. 28 אַזוי ווי דאָס אויסזען פון רעגנבויגן וואָס איז אין וואָלקן אין אַ טאָג פון רעגן, אַזוי איז געווען דאָס אויסזען פון דעם שיין רונד אַרום. דאָס איז געווען דאָס אויסזען פון דער געשטאַלט פון גאָטס פּראַכט. און ווי איך האָב עס געזען, אַזוי בין איך געפאַלן אויף מיין פנים, און איך האָב געהערט אַ קָול פון איינעם וואָס רעדט.

ב

א ב וַיֹּאמֶר אֵלָי בֶּן־אָדָם עֲמֹד עַל־רַגְלֶיךָ וַאֲדַבֵּר אֹתָךְ׃ וַתָּבֹא
בִי רוּחַ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֵלַי וַתַּעֲמִדֵנִי עַל־רַגְלָי וָאֶשְׁמַע אֵת
ג מִדַּבֵּר אֵלָי׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי בֶּן־אָדָם שׁוֹלֵחַ אֲנִי אוֹתְךָ
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־גּוֹיִם הַמּוֹרְדִים אֲשֶׁר מָרְדוּ־בִי הֵמָּה
ד וַאֲבוֹתָם פָּשְׁעוּ בִי עַד־עֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה׃ וְהַבָּנִים קְשֵׁי פָנִים
וְחִזְקֵי־לֵב אֲנִי שׁוֹלֵחַ אוֹתְךָ אֲלֵיהֶם וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה
ה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ וְהֵמָּה אִם־יִשְׁמְעוּ וְאִם־יֶחְדָּלוּ כִּי בֵּית
ו מְרִי הֵמָּה וְיָדְעוּ כִּי־נָבִיא הָיָה בְתוֹכָם׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם
אַל־תִּירָא מֵהֶם וּמִדִּבְרֵיהֶם אַל־תִּירָא כִּי סָרָבִים וְסַלּוֹנִים
אוֹתָךְ וְאֶל־עַקְרַבִּים אַתָּה יוֹשֵׁב מִדִּבְרֵיהֶם אַל־תִּירָא
ז וּמִפְּנֵיהֶם אַל־תֵּחָת כִּי בֵּית מְרִי הֵמָּה׃ וְדִבַּרְתָּ אֶת־דְּבָרַי
אֲלֵיהֶם אִם־יִשְׁמְעוּ וְאִם־יֶחְדָּלוּ כִּי מְרִי הֵמָּה׃
ח וְאַתָּה בֶן־אָדָם שְׁמַע אֵת אֲשֶׁר־אֲנִי מְדַבֵּר אֵלֶיךָ אַל־תְּהִי־
מֶרִי כְּבֵית הַמֶּרִי פְּצֵה פִיךָ וֶאֱכֹל אֵת אֲשֶׁר־אֲנִי נֹתֵן אֵלֶיךָ׃
ט י וָאֶרְאֶה וְהִנֵּה־יָד שְׁלוּחָה אֵלָי וְהִנֵּה־בוֹ מְגִלַּת־סֵפֶר׃ וַיִּפְרֹשׂ
אוֹתָהּ לְפָנַי וְהִיא כְתוּבָה פָּנִים וְאָחוֹר וְכָתוּב אֵלֶיהָ קִנִים
וָהֶגֶה וָהִי׃

ג

א וַיֹּאמֶר אֵלַי בֶּן־אָדָם אֵת אֲשֶׁר־תִּמְצָא אֱכוֹל אֱכוֹל אֶת־
ב הַמְּגִלָּה הַזֹּאת וְלֵךְ דַּבֵּר אֶל־בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ וָאֶפְתַּח אֶת־
ג פִּי וַיַּאֲכִלֵנִי אֵת הַמְּגִלָּה הַזֹּאת׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי בֶּן־אָדָם
בִּטְנְךָ תַאֲכֵל וּמֵעֶיךָ תְמַלֵּא אֵת הַמְּגִלָּה הַזֹּאת אֲשֶׁר אֲנִי
ד נֹתֵן אֵלֶיךָ וָאֹכְלָה וַתְּהִי בְּפִי כִּדְבַשׁ לְמָתוֹק׃ וַיֹּאמֶר
אֵלַי בֶּן־אָדָם לֶךְ־בֹּא אֶל־בֵּית יִשְׂרָאֵל וְדִבַּרְתָּ בִדְבָרַי
ה אֲלֵיהֶם׃ כִּי לֹא אֶל־עַם עִמְקֵי שָׂפָה וְכִבְדֵי לָשׁוֹן אַתָּה
ו שָׁלוּחַ אֶל־בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ לֹא ׀ אֶל־עַמִּים רַבִּים עִמְקֵי שָׂפָה

---

ב, ה׳ קמץ בז״ק   ט׳ סבירין מה

ב 1 און ער האָט צו מיר געזאָגט: מענטשנקינד, שטעל זיך אויף דיינע פיס, און איך וועל רעדן מיט דיר. 2 און אַ גייסט איז אַריין אין מיר, ווי ער האָט גערעדט צו מיר, און האָט מיך אויפגעשטעלט אויף מיינע פיס, און איך האָב געהערט דעם וואָס רעדט צו מיר. 3 און ער האָט צו מיר געזאָגט:

מענטשנקינד, איך שיק דיך צו די קינדער פון ישׂראל,
צו די ווידערשפעניקע שבטים
וואָס האָבן ווידערשפעניקט אָן מיר;
זיי און זייערע עלטערן האָבן געבראָכן אָן מיר
אַזש ביז היינטיקן טאָג.

4 און די קינדער האָבן פאַרשייטע פּנימער און האַרטע
הערצער:
צו זיי שיק איך דיך, און זאָלסט זאָגן צו זיי:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר;
5 און זיי, סיי זיי וועלן הערן,
און סיי זיי וועלן פאַרמיידן–
וואָרום אַ ווידערשפעניק געזינדל זיינען זיי–
זאָלן זיי וויסן אַז אַ נביא איז געווען צווישן זיי.

6 און דו מענטשנקינד,
זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר זיי,
און ניט מורא האָבן פאַר זייערע רייד,
הגם דערנער און שטעכגעוועקס זיינען אַרום דיר,
און צווישן שקאָרפּיאָנען טוסטו זיצן;
פאַר זייערע רייד זאָלסטו ניט מורא האָבן,
און פאַר זייער פּנים זאָלסטו ניט אַנגסטן;
וואָרום אַ ווידערשפעניק געזינדל זיינען זיי.
7 און זאָלסט רעדן מיינע ווערטער צו זיי,
סיי זיי וועלן הערן,
און סיי זיי וועלן פאַרמיידן;
וואָרום לויטער ווידערשפעניקייט זיינען זיי.
8 און דו מענטשנקינד, הער וואָס איך רעד צו דיר;
זאָלסט ניט ווידערשפעניק זיין
ווי דאָס ווידערשפעניקע געזינדל;
מאַך אויף דיין מויל, און עס וואָס איך גיב דיר.

9 און איך האָב אַ קוק געטאָן, ערשט אַ האַנט איז אויסגעשטרעקט צו מיר, און זע, אין איר איז געווען אַ מגילה פון אַ בוך. 10 און ער האָט זי אויסגעשפּרייט פאַר מיר, און זי איז געווען באַשריבן פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק, און אויף איר איז געווען אָנגעשריבן קלאָגן און זיפצעניש און וויי.

ג 1 און ער האָט צו מיר געזאָגט:
מענטשנקינד, וואָס דו געפינסט, עס,
עס דידאָזיקע מגילה,
און גיי רעד צו דעם הויז פון ישׂראל.

2 האָב איך אויפגעעפנט מיין מויל, און ער האָט מיר געגעבן עסן דידאָזיקע מגילה. 3 און ער האָט צו מיר געזאָגט:

מענטשנקינד, דיין בויך זאָלסטו אָנשפּייזן,
און דיינע אינגעווייד זאָלסטו אָנפילן,
מיט דערדאָזיקער מגילה וואָס איך גיב דיר.

און איך האָב געגעסן, און זי איז געווען אין מיין מויל אַזוי ווי האָניק אין זיסקייט. 4 און ער האָט צו מיר געזאָגט:

מענטשנקינד, גיי קום צו דעם הויז פון ישׂראל,
און זאָלסט רעדן מיט מיינע ווערטער צו זיי.
5 וואָרום ניט צו אַ פאָלק מיט אַ טונקעלער שפּראַך
און אַ שווערער צונג ווערסטו געשיקט,
נייערט צו דעם הויז פון ישׂראל;
6 ניט צו פעלקער אַ סך
מיט אַ טונקעלער שפּראַך און אַ שווערער צונג,

וואָס דו פאַרשטייסט ניט זייערע ווערטער.
פאַרוואָר, אַז איך וואָלט דיך צו זיי געשיקט,
וואָלטן זיי יאָ צוגעהערט צו דיר.
7 אָבער דאָס הויז פון ישׂראל וועלן ניט וועלן צוהערן צו דיר,
וואָרום זיי ווילן ניט צוהערן צו מיר;
וואָרום דאָס גאַנצע הויז פון ישׂראל
האָבן האַרטע שטערנס און פאַרשייטע הערצער.
8 זע, איך האָב געמאַכט דיין פּנים האַרט אַקעגן זייער פּנים,
און דיין שטערן האַרט אַקעגן זייער שטערן.
9 ווי דימענט האַרטער פון פעלז,
האָב איך געמאַכט דיין שטערן;
זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר זיי,
און ניט אַנגסטן פאַר זייער פּנים;
וואָרום אַ ווידערשפּעניק געזינדל זיינען זיי.
10 און ער האָט צו מיר געזאָגט: מענטשנקינד,
אַלע מיינע ווערטער וואָס איך וועל רעדן צו דיר,
נעם אַריין אין דיין האַרצן,
און מיט דיינע אויערן הער.
11 און גיי קום צו די פאַרטריבענע,
צו די קינדער פון דיין פאָלק,
און זאָלסט רעדן צו זיי, און זאָגן צו זיי:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר;
סיי זיי וועלן הערן,
און סיי זיי וועלן פאַרמיידן.

12 און אַ ווינט האָט מיך אויפגעהויבן, און איך האָב געהערט הינטער מיר אַ גערויש פון אַ גרויס ערדציטערניש: געלויבט איז די פּראַכט פון גאָט אין זיין אָרט; 13 און דאָס גערויש פון די פליגלען פון די חיות זיך אָנרירנדיק איינער אָן אַנדערן, און דאָס גערויש פון די רעדער באַגלייך מיט זיי—אַ גערויש פון אַ גרויס ערדציטערניש. 14 און דער ווינט האָט מיך אויפגעהויבן, און האָט מיך אַוועקגענומען; און איך בין געגאַנגען אַ פאַרביטערטער אין מיין הייס געמיט, און די האַנט פון גאָט איז געווען שטאַרק אויף מיר. 15 און איך בין געקומען צו די פאַרטריבענע קיין תּל־אָביב, וואָס זיינען געזעסן ביים טייך כּבָר, און איך בין געזעסן אַווו זיי זיינען געזעסן; און איך בין דאָרטן געזעסן זיבן טעג אַ באַנומענער צווישן זיי.

16 און עס איז געווען צום סוף פון זיבן טעג, איז געווען דאָס וואָרט פון גאָט צו מיר, אַזוי צו זאָגן: 17 מענטשנקינד, אַ וועכטער האָב איך דיך געמאַכט פאַר דעם הויז פון ישׂראל, און אַז דו וועסט הערן פון מיין מויל אַ וואָרט, זאָלסטו זיי וואָרענען פון מיינטוועגן. 18 אַז איך זאָג צו דעם שלעכטן: שטאַרבן מוזטו שטאַרבן; און דו האָסט אים ניט געוואָרנט, און ניט גערעדט צו וואָרענען דעם שלעכטן פון זיין שלעכטן וועג, כּדי ער זאָל לעבן, וועט ער, דער שלעכטער, שטאַרבן פאַר זיין זינד, און זיין בלוט וועל איך מאָנען פון דיין האַנט. 19 אָבער אויב דו האָסט געוואָרנט דעם שלעכטן, און ער האָט זיך ניט אומגעקערט פון זיין שלעכטיקייט, און פון זיין שלעכטן וועג, וועט ער שטאַרבן פאַר זיין זינד, און דו האָסט מציל געווען דיין נפש. 20 און אַז דער גערעכטער קערט זיך אָפּ פון זיין גערעכטיקייט, און ער טוט אומרעכט, וועל איך לייגן אַ שטרויכלונג פאַר אים; ער וועט שטאַרבן. ווייל דו האָסט אים ניט געוואָרנט, וועט ער שטאַרבן פאַר זיין חטא, און זיינע גערעכטיקייטן וואָס ער האָט געטאָן, וועלן ניט דערמאָנט ווערן, און זיין בלוט וועל איך מאָנען פון דיין האַנט.
21 אָבער אויב דו האָסט אים געוואָרנט, דעם גערעכטן, אַז דער גערעכטער זאָל ניט זינדיקן, און ער האָט ניט

וְכִבְדֵי לָשׁוֹן אֲשֶׁר לֹא־תִשְׁמַע דִּבְרֵיהֶם אִם־לֹא אֲלֵיהֶם
ז שְׁלַחְתִּיךָ הֵמָּה יִשְׁמְעוּ אֵלֶיךָ׃ וּבֵית יִשְׂרָאֵל לֹא יֹאבוּ
לִשְׁמֹעַ אֵלֶיךָ כִּי־אֵינָם אֹבִים לִשְׁמֹעַ אֵלָי כִּי כָּל־בֵּית יִשְׂרָאֵל
ח חִזְקֵי־מֵצַח וּקְשֵׁי־לֵב הֵמָּה׃ הִנֵּה נָתַתִּי אֶת־פָּנֶיךָ חֲזָקִים
ט לְעֻמַּת פְּנֵיהֶם וְאֶת־מִצְחֲךָ חָזָק לְעֻמַּת מִצְחָם׃ כְּשָׁמִיר
חָזָק מִצֹּר נָתַתִּי מִצְחֶךָ לֹא־תִירָא אוֹתָם וְלֹא־תֵחַת
י מִפְּנֵיהֶם כִּי בֵּית מְרִי הֵמָּה׃ וַיֹּאמֶר אֵלָי בֶּן־אָדָם
אֶת־כָּל־דְּבָרַי אֲשֶׁר אֲדַבֵּר אֵלֶיךָ קַח בִּלְבָבְךָ וּבְאָזְנֶיךָ
יא שְׁמָע׃ וְלֵךְ בֹּא אֶל־הַגּוֹלָה אֶל־בְּנֵי עַמֶּךָ וְדִבַּרְתָּ אֲלֵיהֶם
וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה אִם־יִשְׁמְעוּ וְאִם־
יב יֶחְדָּלוּ׃ וַתִּשָּׂאֵנִי רוּחַ וָאֶשְׁמַע אַחֲרַי קוֹל רַעַשׁ גָּדוֹל
יג בָּרוּךְ כְּבוֹד־יְהוָה מִמְּקוֹמוֹ׃ וְקוֹל ׀ כַּנְפֵי הַחַיּוֹת מַשִּׁיקוֹת
אִשָּׁה אֶל־אֲחוֹתָהּ וְקוֹל הָאוֹפַנִּים לְעֻמָּתָם וְקוֹל רַעַשׁ
יד גָּדוֹל׃ וְרוּחַ נְשָׂאַתְנִי וַתִּקָּחֵנִי וָאֵלֵךְ מַר בַּחֲמַת רוּחִי
טו וְיַד־יְהוָה עָלַי חָזָקָה׃ וָאָבוֹא אֶל־הַגּוֹלָה תֵּל אָבִיב
הַיֹּשְׁבִים אֶל־נְהַר־כְּבָר וָאֵשֵׁר הֵמָּה יוֹשְׁבִים שָׁם וָאֵשֵׁב
טז שָׁם שִׁבְעַת יָמִים מַשְׁמִים בְּתוֹכָם׃ וַיְהִי מִקְצֵה
יז שִׁבְעַת יָמִים · וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־
אָדָם צֹפֶה נְתַתִּיךָ לְבֵית יִשְׂרָאֵל וְשָׁמַעְתָּ מִפִּי דָּבָר
יח וְהִזְהַרְתָּ אוֹתָם מִמֶּנִּי׃ בְּאָמְרִי לָרָשָׁע מוֹת תָּמוּת וְלֹא
הִזְהַרְתּוֹ וְלֹא דִבַּרְתָּ לְהַזְהִיר רָשָׁע מִדַּרְכּוֹ הָרְשָׁעָה
יט לְחַיֹּתוֹ הוּא רָשָׁע בַּעֲוֹנוֹ יָמוּת וְדָמוֹ מִיָּדְךָ אֲבַקֵּשׁ׃ וְאַתָּה
כִּי־הִזְהַרְתָּ רָשָׁע וְלֹא־שָׁב מֵרִשְׁעוֹ וּמִדַּרְכּוֹ הָרְשָׁעָה הוּא
כ בַּעֲוֹנוֹ יָמוּת וְאַתָּה אֶת־נַפְשְׁךָ הִצַּלְתָּ׃ וּבְשׁוּב צַדִּיק
מִצִּדְקוֹ וְעָשָׂה עָוֶל וְנָתַתִּי מִכְשׁוֹל לְפָנָיו הוּא יָמוּת כִּי
לֹא הִזְהַרְתּוֹ בְּחַטָּאתוֹ יָמוּת וְלֹא תִזָּכַרְןָ צִדְקָתוֹ אֲשֶׁר
כא עָשָׂה וְדָמוֹ מִיָּדְךָ אֲבַקֵּשׁ׃ וְאַתָּה כִּי הִזְהַרְתּוֹ צַדִּיק לְבִלְתִּי

יב׳ ס״ב   טו׳ ואשב ק   טז׳ פסקא באמצע פסוק   יט׳ פתח בס״פ
כ׳ צדקותיו ק

חָטָא צַדִּיק וְהוּא לֹא־חָטָא חָיוֹ יִחְיֶה כִּי נִזְהָר וְאַתָּה
אֶת־נַפְשְׁךָ הִצַּלְתָּ׃ וַתְּהִי עָלַי שָׁם יַד־יְהוָה וַיֹּאמֶר כב
אֵלַי קוּם צֵא אֶל־הַבִּקְעָה וְשָׁם אֲדַבֵּר אוֹתָךְ׃ וָאָקוּם כג
וָאֵצֵא אֶל־הַבִּקְעָה וְהִנֵּה־שָׁם כְּבוֹד־יְהוָה עֹמֵד כַּכָּבוֹד
אֲשֶׁר רָאִיתִי עַל־נְהַר־כְּבָר וָאֶפֹּל עַל־פָּנָי׃ וַתָּבֹא־בִי רוּחַ כד
וַתַּעֲמִדֵנִי עַל־רַגְלָי וַיְדַבֵּר אֹתִי וַיֹּאמֶר אֵלַי בֹּא הִסָּגֵר
בְּתוֹךְ בֵּיתֶךָ׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם הִנֵּה נָתְנוּ עָלֶיךָ עֲבוֹתִים כה
וַאֲסָרוּךָ בָּהֶם וְלֹא תֵצֵא בְּתוֹכָם׃ וּלְשׁוֹנְךָ אַדְבִּיק אֶל־ כו
חִכֶּךָ וְנֶאֱלַמְתָּ וְלֹא־תִהְיֶה לָהֶם לְאִישׁ מוֹכִיחַ כִּי בֵּית מְרִי
הֵמָּה׃ וּבְדַבְּרִי אוֹתְךָ אֶפְתַּח אֶת־פִּיךָ וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כז
כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה הַשֹּׁמֵעַ ׀ יִשְׁמָע וְהֶחָדֵל ׀ יֶחְדָּל כִּי
בֵּית מְרִי הֵמָּה׃

ד

וְאַתָּה בֶן־אָדָם קַח־לְךָ לְבֵנָה וְנָתַתָּה אוֹתָהּ לְפָנֶיךָ וְחַקּוֹתָ א
עָלֶיהָ עִיר אֶת־יְרוּשָׁלִָם׃ וְנָתַתָּה עָלֶיהָ מָצוֹר וּבָנִיתָ ב
עָלֶיהָ דָּיֵק וְשָׁפַכְתָּ עָלֶיהָ סֹלְלָה וְנָתַתָּה עָלֶיהָ מַחֲנוֹת
וְשִׂים־עָלֶיהָ כָרִים סָבִיב׃ וְאַתָּה קַח־לְךָ מַחֲבַת בַּרְזֶל ג
וְנָתַתָּה אוֹתָהּ קִיר בַּרְזֶל בֵּינְךָ וּבֵין הָעִיר וַהֲכִינֹתָה אֶת־
פָּנֶיךָ אֵלֶיהָ וְהָיְתָה בַמָּצוֹר וְצַרְתָּ עָלֶיהָ אוֹת הִיא לְבֵית
יִשְׂרָאֵל׃ וְאַתָּה שְׁכַב עַל־צִדְּךָ הַשְּׂמָאלִי וְשַׂמְתָּ אֶת־ ד
עֲוֺן בֵּית־יִשְׂרָאֵל עָלָיו מִסְפַּר הַיָּמִים אֲשֶׁר תִּשְׁכַּב עָלָיו
תִּשָּׂא אֶת־עֲוֺנָם׃ וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ אֶת־שְׁנֵי עֲוֺנָם לְמִסְפַּר ה
יָמִים שְׁלֹשׁ־מֵאוֹת וְתִשְׁעִים יוֹם וְנָשָׂאתָ עֲוֺן בֵּית־יִשְׂרָאֵל׃
וְכִלִּיתָ אֶת־אֵלֶּה וְשָׁכַבְתָּ עַל־צִדְּךָ הַיְמָנִי שֵׁנִית וְנָשָׂאתָ ו
אֶת־עֲוֺן בֵּית־יְהוּדָה אַרְבָּעִים יוֹם יוֹם לַשָּׁנָה יוֹם לַשָּׁנָה
נְתַתִּיו לָךְ׃ וְאֶל־מְצוֹר יְרוּשָׁלִַם תָּכִין פָּנֶיךָ וּזְרֹעֲךָ חֲשׂוּפָה ז
וְנִבֵּאתָ עָלֶיהָ׃ וְהִנֵּה נָתַתִּי עָלֶיךָ עֲבוֹתִים וְלֹא־תֵהָפֵךְ ח

ג, כא׳ ו׳ כמקום ה׳   קמץ בז״ק   פתח בס״פ   כז׳ המי׳ בקמץ   קמץ בז״ק
ד, ו המי׳ ק

געזינדיקט, וועט ער בלייבן לעבן, ווייל ער האָט זיך געלאָזט וואָרענען, און דו האָסט מציל געווען דיין נפש.

22 און די האַנט פון גאָט איז דאָרטן געווען אויף מיר, און ער האָט צו מיר געזאָגט: שטיי אויף, גיי אַרויס צום טאָל, און דאָרטן וועל איך רעדן מיט דיר. 23 בין איך אויפגעשטאַנען, און בין אַרויסגעגאַנגען צום טאָל, ערשט די פּראַכט פון גאָט שטייט דאָרטן, אַזוי ווי די פּראַכט וואָס איך האָב געזען ביים טייך כּבָר; און איך בין געפאַלן אויף מיין פּנים. 24 און אַ גייסט איז אַריין אין מיר, און האָט מיך אויפגעשטעלט אויף מיינע פיס; און ער האָט מיט מיר גערעדט, און האָט צו מיר געזאָגט:
קום פאַרשליס זיך אין דיין הויז.
25 און דו מענטשנקינד, זע,
מע טוט אַרויף אויף דיר שטריק,
און מע וועט דיך בינדן דערמיט,
און וועסט ניט אַרויסגיין צווישן זיי.
26 און דיין צונג וועל איך באַהעפטן אָן דיין גומען,
כדי זאָלסט שטום זיין,
און זאָלסט זיי ניט זיין אַ בעל־מוכיח;
וואָרום אַ ווידערשפּעניק געזינדל זיינען זיי.
27 ערשט ווען איך רעד מיט דיר,
וועל איך עפענען דיין מויל;
און זאָלסט זאָגן צו זיי:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
דער וואָס וויל הערן, זאָל הערן,
און דער וואָס וויל פאַרמיידן, זאָל פאַרמיידן;
וואָרום אַ ווידערשפּעניק געזינדל זיינען זיי.

ד 1 און דו מענטשנקינד, נעם דיר אַ ציגל,
און זאָלסט אים אַוועקלייגן פאַר דיר,
און אויסקריצן אויף אים אַ שטאָט–ירושָלַיִם.
2 און זאָלסט מאַכן אויף איר אַ באַלעגערונג,
און בויען אַרום איר אַ באַלעגערמויער,
און אָנשיטן אַרום איר אַן ערדוואַל,
און שטעלן אַקעגן איר מחנות;
און טו אַקעגן איר שטורעמבעק רונד אַרום.
3 און דו נעם דיר אַן אייזערנע פאַן,
און זאָלסט זי שטעלן ווי אַן אייזערנע וואַנט
צווישן דיר און צווישן דער שטאָט;
און זאָלסט קערן דיין פּנים צו איר,
און זי זאָל זיין אין באַלעגערונג,
און דו זאָלסט זי באַלעגערן.
אַ צייכן איז דאָס פאַר דעם הויז פון ישׂראל.
4 און דו ליג אויף דיין לינקער זייט,
און זאָלסט אַרויפטאָן אויף איר
די זינד פון דעם הויז פון ישׂראל;
די צאָל טעג וואָס דו וועסט ליגן אויף איר,
וועסטו טראָגן זייערע זינד.
5 און איך האָב דיר געמאַכט די יאָרן פון זייערע זינד
אַקעגן דער צאָל טעג–דריי הונדערט און ניינציק טעג;
און וועסט טראָגן די זינד פון דעם הויז פון ישׂראל.
6 און אַז דו וועסט ענדיקן דידאָזיקע,
זאָלסטו ווידער ליגן אויף דיין רעכטער זייט,
און טראָגן די זינד פון דעם הויז פון יהודה פערציק טעג:
אַ טאָג פאַר אַ יאָר,
אַ טאָג פאַר אַ יאָר האָב איך עס דיר געמאַכט.
7 און צו דער באַלעגערונג פון ירושָלַיִם,
זאָלסטו קערן דיין פּנים
מיט דיין אָרעם אַנטבלויזט,
און זאָלסט נביאות זאָגן אויף איר.
8 און זע, איך טו אַרויף אויף דיר שטריק,
און וועסט זיך ניט אומדרייען

ט מִצֵּדְךָ֙ אֶל־צִדֶּ֔ךָ עַד־כַּלּוֹתְךָ֖ יְמֵ֥י מְצוּרֶֽךָ׃ וְאַתָּ֣ה קַח־לְךָ֡
חִטִּ֨ין וּשְׂעֹרִ֜ים וּפ֣וֹל וַעֲדָשִׁ֗ים וְדֹ֙חַן֙ וְכֻסְּמִ֔ים וְנָתַתָּ֤ה אוֹתָם֙
בִּכְלִ֣י אֶחָ֔ד וְעָשִׂ֧יתָ אוֹתָ֛ם לְךָ֖ לְלָ֑חֶם מִסְפַּ֨ר הַיָּמִ֜ים אֲשֶׁר־
אַתָּ֣ה ׀ שׁוֹכֵ֣ב עַֽל־צִדְּךָ֗ שְׁלֹשׁ־מֵא֛וֹת וְתִשְׁעִ֥ים י֖וֹם תֹּאכֲלֶֽנּוּ׃
י וּמַאֲכָלְךָ֙ אֲשֶׁ֣ר תֹּאכֲלֶ֔נּוּ בְּמִשְׁק֕וֹל עֶשְׂרִ֥ים שֶׁ֖קֶל לַיּ֑וֹם מֵעֵ֥ת
יא עַד־עֵ֖ת תֹּאכֲלֶֽנּוּ׃ וּמַ֙יִם֙ בִּמְשׂוּרָ֣ה תִשְׁתֶּ֔ה שִׁשִּׁ֖ית הַהִ֑ין
יב מֵעֵ֥ת עַד־עֵ֖ת תִּשְׁתֶּֽה׃ וְעֻגַ֥ת שְׂעֹרִ֖ים תֹּאכֲלֶ֑נָּה וְהִ֗יא בְּגֶלְלֵי֙
יג צֵאַ֣ת הָאָדָ֔ם תְּעֻגֶ֖נָה לְעֵינֵיהֶֽם׃ וַיֹּ֣אמֶר יְהוָ֗ה כָּ֣כָה
יֹאכְל֧וּ בְנֵֽי־יִשְׂרָאֵ֛ל אֶת־לַחְמָ֖ם טָמֵ֑א בַּגּוֹיִ֕ם אֲשֶׁ֥ר אַדִּיחֵ֖ם
יד שָֽׁם׃ וָאֹמַ֗ר אֲהָהּ֙ אֲדֹנָ֣י יְהוִ֔ה הִנֵּ֥ה נַפְשִׁ֖י לֹ֣א מְטֻמָּאָ֑ה
וּנְבֵלָ֨ה וּטְרֵפָ֜ה לֹֽא־אָכַ֙לְתִּי֙ מִנְּעוּרַ֣י וְעַד־עַ֔תָּה וְלֹא־בָ֥א
טו בְּפִ֖י בְּשַׂ֥ר פִּגּֽוּל׃ וַיֹּ֣אמֶר אֵלַ֔י רְאֵ֗ה נָתַ֤תִּי לְךָ֙ אֶת־
צְפוּעֵ֣י הַבָּקָ֔ר תַּ֖חַת גֶּלְלֵ֣י הָאָדָ֑ם וְעָשִׂ֥יתָ אֶת־לַחְמְךָ֖ עֲלֵיהֶֽם׃
טז וַיֹּ֣אמֶר אֵלַ֗י בֶּן־אָדָם֙ הִנְנִ֨י שֹׁבֵ֤ר מַטֵּה־לֶ֙חֶם֙ בִּיר֣וּשָׁלִַ֔ם
וְאָֽכְלוּ־לֶ֛חֶם בְּמִשְׁקָ֖ל וּבִדְאָגָ֑ה וּמַ֕יִם בִּמְשׂוּרָ֥ה וּבְשִׁמָּמ֖וֹן
יז יִשְׁתּֽוּ׃ לְמַ֥עַן יַחְסְר֖וּ לֶ֣חֶם וָמָ֑יִם וְנָשַׁ֙מּוּ֙ אִ֣ישׁ וְאָחִ֔יו
וְנָמַ֖קּוּ בַּעֲוֺנָֽם׃

ה

א וְאַתָּ֣ה בֶן־אָדָ֗ם קַח־לְךָ֣ ׀ חֶ֣רֶב חַדָּ֗ה תַּ֤עַר הַגַּלָּבִים֙ תִּקָּחֶ֣נָּה
לָּ֔ךְ וְהַעֲבַרְתָּ֖ עַל־רֹאשְׁךָ֣ וְעַל־זְקָנֶ֑ךָ וְלָקַחְתָּ֥ לְךָ֛ מֹאזְנֵ֥י
ב מִשְׁקָ֖ל וְחִלַּקְתָּֽם׃ שְׁלִשִׁ֗ית בָּא֤וּר תַּבְעִיר֙ בְּת֣וֹךְ הָעִ֔יר
כִּמְלֹ֖את יְמֵ֣י הַמָּצ֑וֹר וְלָקַחְתָּ֣ אֶת־הַשְּׁלִשִׁ֗ית תַּכֶּ֤ה בַחֶ֙רֶב֙
סְבִ֣יבוֹתֶ֔יהָ וְהַשְּׁלִשִׁית֙ תִּזְרֶ֣ה לָר֔וּחַ וְחֶ֖רֶב אָרִ֥יק אַחֲרֵיהֶֽם׃
ג ד וְלָקַחְתָּ֥ מִשָּׁ֛ם מְעַ֖ט בְּמִסְפָּ֑ר וְצַרְתָּ֥ אוֹתָ֖ם בִּכְנָפֶֽיךָ׃ וּמֵהֶם֙
ע֣וֹד תִּקָּ֔ח וְהִשְׁלַכְתָּ֤ אוֹתָם֙ אֶל־תּ֣וֹךְ הָאֵ֔שׁ וְשָׂרַפְתָּ֥ אֹתָ֖ם
ה בָּאֵ֑שׁ מִמֶּ֥נּוּ תֵֽצֵא־אֵ֖שׁ אֶל־כָּל־בֵּ֥ית יִשְׂרָאֵֽל׃ כֹּ֤ה אָמַר֙
אֲדֹנָ֣י יְהוִ֔ה זֹ֖את יְרוּשָׁלִַ֑ם בְּת֧וֹךְ הַגּוֹיִ֛ם שַׂמְתִּ֖יהָ וּסְבִיבוֹתֶ֥יהָ

ד, טו׳ צפיעי ק׳ ה, ד׳ קמץ בז״ק

פון איין זייט אויף דער אַנדערער,
ביז דו ענדיקסט די טעג פון דיין באַלעגערונג.

9 און דו נעם דיר ווייץ און גערשטן
און בעבלעך און לינדזן און הירזש און טונקלווייץ,
און טו זיי אַריין אין איין כּלי,
און זאָלסט זיי דיר מאַכן צו ברויט;
די צאָל טעג וואָס דו ליגסט אויף דיין זייט,
דריי הונדערט און ניינציק טעג, זאָלסטו עס עסן.
10 און דיין עסן וואָס דו וועסט עסן,
זאָל זיין מיט אַ וואָג, צוואַנציק שֶקל אַ טאָג;
פון מעת־לעת צו מעת־לעת זאָלסטו עס עסן.
11 און וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסטו טרינקען;
אַ זעקסטל הין פון מעת־לעת צו מעת־לעת זאָלסטו טרינקען.
12 אַזוי ווי אַ גערשטענעם קוכן זאָלסטו עס עסן,
און אויף קויט פון מענטשישער צואָה
זאָלסטו עס באַקן פאַר זייערע אויגן.

13 און גאָט האָט געזאָגט:
אַזוי וועלן עסן די קינדער פון ישׂראל
זייער ברויט אומריין צווישן די פעלקער
וואָס איך וועל זיי אַהין פאַרשטויסן.
14 האָב איך געזאָגט: וויי, גאָט דו האַר, זע מיין זעל איז ניט פאַראומרייניקט געוואָרן, און געפאַלנס און פאַרצוקטס האָב איך ניט געגעסן פון מיין יוגנט אָן און ביז אַצונד, און אין מיין מויל איז ניט געקומען אומווערדיק פלייש. 15 האָט ער צו מיר געזאָגט: זע, איך גיב דיר מיסט פון רינדער אָנשטאָט קויט פון מענטשן, און זאָלסט מאַכן דיין ברויט דערויף. 16 און ער האָט צו מיר געזאָגט:
מענטשנקינד, זע, איך צעברעך דעם אונטערלען פון ברויט אין ירושָלַיִם,
און זיי וועלן עסן ברויט מיט אַ וואָג, און מיט זאָרג,
און וואַסער מיט אַ מאָס און מיט באַנומעניש וועלן זיי טרינקען.
17 ווייל זיי וועלן געמינערט זיין ברויט און וואַסער,
און זיי וועלן באַנומען ווערן איינער מיטן אַנדערן,
און וועלן אַיינגיין פאַר זייערע זינד.

ה 1 און דו מענטשנקינד, נעם דיר אַ שאַרפע שווערד–
פאַר אַ גאָלמעסער זאָלסטו זי דיר נעמען,
און אַריבערפירן איבער דיין קאָפּ און איבער דיין באָרד;
און זאָלסט דיר נעמען וואָגשאָלן און עס צעטיילן.
2 אַ דריט־חלק זאָלסטו אין פייער פאַרברענען
אין מיטן פון דער שטאָט,
ווען עס ווערן פול די טעג פון דער באַלעגערונג;
און אַ דריט־חלק זאָלסטו נעמען,
און שלאָגן מיט דער שווערד רונד אַרום דעם,
און אַ דריט־חלק זאָלסטו צעשפּרייטן פאַרן ווינט;
און אַ שווערד וועל איך אַרויסציען הינטער זיי.
3 און זאָלסט נעמען דערפון עטלעכע אין צאָל,
און זיי אַיינבינדן אין דיינע ברעגן.
4 און פון זיי זאָלסטו ווידער נעמען [עטלעכע],
און זיי אַריינוואַרפן אין מיטן פייער,
און זיי פאַרברענען אין פייער;
דערפון וועט אַרויסגיין אַ פייער
אויפן גאַנצן הויז פון ישׂראל.

5 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
דאָס איז ירושָלַיִם;
אין מיטן פון די פעלקער האָב איך זי באַשטאַט,
מיט לענדער רונד אַרום איר.

ו אֲרָצוֹת׃ וַתֶּמֶר אֶת־מִשְׁפָּטַי לְרִשְׁעָה מִן־הַגּוֹיִם וְאֶת־
חֻקּוֹתַי מִן־הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר סְבִיבוֹתֶיהָ כִּי בְמִשְׁפָּטַי מָאָסוּ
ז וְחֻקּוֹתַי לֹא־הָלְכוּ בָהֶם׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי יֱהֹוִה
יַעַן הֲמָנְכֶם מִן־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר סְבִיבוֹתֵיכֶם בְּחֻקּוֹתַי לֹא
הֲלַכְתֶּם וְאֶת־מִשְׁפָּטַי לֹא עֲשִׂיתֶם וּכְמִשְׁפְּטֵי הַגּוֹיִם אֲשֶׁר
ח סְבִיבוֹתֵיכֶם לֹא עֲשִׂיתֶם׃ לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה
הִנְנִי עָלַיִךְ גַּם־אָנִי וְעָשִׂיתִי בְתוֹכֵךְ מִשְׁפָּטִים לְעֵינֵי הַגּוֹיִם׃
ט וְעָשִׂיתִי בָךְ אֵת אֲשֶׁר לֹא־עָשִׂיתִי וְאֵת אֲשֶׁר־לֹא־אֶעֱשֶׂה
י כָּמֹהוּ עוֹד יַעַן כָּל־תּוֹעֲבֹתָיִךְ׃ לָכֵן אָבוֹת יֹאכְלוּ
בָנִים בְּתוֹכֵךְ וּבָנִים יֹאכְלוּ אֲבוֹתָם וְעָשִׂיתִי בָךְ שְׁפָטִים
יא וְזֵרִיתִי אֶת־כָּל־שְׁאֵרִיתֵךְ לְכָל־רוּחַ׃ לָכֵן חַי־אָנִי נְאֻם
אֲדֹנָי יֱהֹוִה אִם־לֹא יַעַן אֶת־מִקְדָּשִׁי טִמֵּאת בְּכָל־שִׁקּוּצַיִךְ
וּבְכָל־תּוֹעֲבֹתָיִךְ וְגַם־אֲנִי אֶגְרַע וְלֹא־תָחוֹס עֵינִי וְגַם־אֲנִי
יב לֹא אֶחְמוֹל׃ שְׁלִשִׁתַיִךְ בַּדֶּבֶר יָמוּתוּ וּבָרָעָב יִכְלוּ
בְתוֹכֵךְ וְהַשְּׁלִשִׁית בַּחֶרֶב יִפְּלוּ סְבִיבוֹתָיִךְ וְהַשְּׁלִישִׁית
יג לְכָל־רוּחַ אֱזָרֶה וְחֶרֶב אָרִיק אַחֲרֵיהֶם׃ וְכָלָה אַפִּי וַהֲנִחוֹתִי
חֲמָתִי בָּם וְהִנֶּחָמְתִּי וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהֹוָה דִּבַּרְתִּי בְּקִנְאָתִי
יד בְּכַלּוֹתִי חֲמָתִי בָּם׃ וְאֶתְּנֵךְ לְחָרְבָּה וּלְחֶרְפָּה בַּגּוֹיִם
טו אֲשֶׁר סְבִיבוֹתָיִךְ לְעֵינֵי כָּל־עוֹבֵר׃ וְהָיְתָה חֶרְפָּה וּגְדוּפָה
מוּסָר וּמְשַׁמָּה לַגּוֹיִם אֲשֶׁר סְבִיבוֹתָיִךְ בַּעֲשׂוֹתִי בָךְ
שְׁפָטִים בְּאַף וּבְחֵמָה וּבְתֹכְחוֹת חֵמָה אֲנִי יְהֹוָה דִּבַּרְתִּי׃
טז בְּשַׁלְּחִי אֶת־חִצֵּי הָרָעָב הָרָעִים בָּהֶם אֲשֶׁר הָיוּ לְמַשְׁחִית
אֲשֶׁר־אֲשַׁלַּח אוֹתָם לְשַׁחֶתְכֶם וְרָעָב אֹסֵף עֲלֵיכֶם
יז וְשָׁבַרְתִּי לָכֶם מַטֵּה־לָחֶם׃ וְשִׁלַּחְתִּי עֲלֵיכֶם רָעָב וְחַיָּה
רָעָה וְשִׁכְּלֻךְ וְדֶבֶר וָדָם יַעֲבָר־בָּךְ וְחֶרֶב אָבִיא עָלַיִךְ אֲנִי
יְהֹוָה דִּבַּרְתִּי׃

ו׳ קמץ בז״ק   יא׳ למדנחאי אגרע כתיב   יב׳ כצ״ל

6 און זי האָט ווידערשפעניקט מיינע געזעצן
צו טאָן בייז מער פון די פעלקער,
און מיינע חוקים—
מער פון די לענדער וואָס רונד אַרום איר;
וואָרום מיינע געזעצן האָבן זיי פאַראַכט,
און מיינע חוקים, אין זיי זיינען זיי ניט געגאַנגען.
7 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
ווייל איר האָט אָנגעגעבן
מער פון די פעלקער וואָס רונד אַרום אייך;
אין מיינע חוקים זייט איר ניט געגאַנגען,
און מיינע געזעצן האָט איר ניט געטאָן;
צומאָל ווי די געזעצן פון די פעלקער וואָס רונד אַרום אייך
האָט איר ניט געטאָן—
8 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
זע, איך אויך קום אויף דיר,
און וועל טאָן אַ משפט אין דיר
פאַר די אויגן פון די פעלקער.
9 און איך וועל טאָן אויף דיר וואָס איך האָב ניט געטאָן,
און וואָס איך וועל אַזוינס מער ניט טאָן,
פון וועגן אַלע דיינע אומווערדיקייטן.
10 דרום וועלן עלטערן עסן זייערע קינדער אין דיר,
און קינדער וועלן עסן זייערע עלטערן,
און איך וועל טאָן אַ משפט אויף דיר,
און אַל דיין איבערבלייב וועל איך צעשפרייטן אויף אַלע ווינטן.
11 דרום, אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט דער האַר,
פאַרוואָר, ווייל דו האָסט מיין הייליקטום פאַראומרייניקט
מיט אַלע דיינע מיאוסקייטן
און מיט אַלע דיינע אומווערדיקייטן,
דרום וועל איך אויך [דיך] פאַרמינערן,
און מיין אויג וועט ניט שוינען,
און איך אויך וועל ניט דערבאַרימען.

12 אַ דריט־חלק פון דיר וועלן פון פעסט שטאַרבן,
און אויסגיין פון הונגער אין דיר,
און אַ דריט־חלק וועלן דורכן שווערד פאַלן רונד אַרום דיר,
און אַ דריט־חלק וועל איך אויף אַלע ווינטן צעשפרייטן,
און אַ שווערד וועל איך אַרויסציען הינטער זיי.
13 און מיין כעס וועט אויסגיין,
און איך וועל באַרוען מיין גרימצאָרן אויף זיי,
און איך וועל מיך שטילן;
און זיי וועלן וויסן אַז איך יהוה
האָב גערעדט אין מיין פאַרדראָס,
ווען איך לאָז אויס מיין גרימצאָרן אויף זיי.
14 און איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ חורבן און פאַר אַ חרפה
צווישן די פעלקער וואָס רונד אַרום דיר,
פאַר די אויגן פון איטלעכן פאַרבייגייער.

15 און עס וועט זיין אַ חרפה און אַ לעסטערונג,
אַ מוסר און אַ שרעק,
ביי די פעלקער וואָס רונד אַרום דיר,
ווען איך טו אַ משפט אויף דיר
מיט כעס און מיט גרימצאָרן און מיט שטראָפן פון גרימצאָרן—
איך יהוה האָב גערעדט;
16 ווען איך שיק אָן אויף זיי די בייזע פיילן פון הונגער[א]
וואָס זיינען אויף אומצוברענגען,
וואָס איך וועל זיי שיקן אייך אומצוברענגען;
און הונגער וועל איך מערן אויף אייך,
און וועל אייך צעברעכן דעם אונטערלען פון ברויט.
17 און איך וועל אָנשיקן אויף אייך הונגער און בייזע חיות,
און זיי וועלן דיך אָן קינדער לאָזן;
און פעסט און בלוט וועט דורכגיין דורך דיר,
און אַ שווערד וועל איך ברענגען אויף דיר.
איך יהוה האָב גערעדט.

א ווערטשפיל: הָרָעָב הָרָעִים.

ו

1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:

2 מענטשנקינד, טו דיין פּנים צו די בערג פון ישׂראל,
און זאָג נביאות צו זיי,
3 און זאָלסט זאָגן: איר בערג פון ישׂראל,
הערט דאָס וואָרט פון גאָט דעם האַר:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר
צו די בערג און צו די הייכן,
צו די גראָבנס און צו די טאָלן:
זעט, איך ברענג אויף אייך אַ שווערד,
און וועל אונטערברענגען אייערע בָּמות.
4 און פאַרוויסט ווערן וועלן אייערע מזבחות,
און צעבראָכן ווערן וועלן אייערע זונזיילן;
און איך וועל מאַכן פאַלן אייערע דערשלאָגענע
פאַר אייערע אָפּגעטער.
5 און איך וועל אַהינטאָן די פּגרים פון די קינדער פון ישׂראל
פאַר זייערע אָפּגעטער,
און איך וועל צעשפּרייטן אייערע ביינער
רונד אַרום אייערע מזבחות.
6 אין אַלע אייערע וווינערטער וועלן די שטעט חָרב ווערן,
און די בָּמות וועלן פאַרוויסט ווערן;
כדי חָרב און וויסט ווערן זאָלן אייערע מזבחות,
און צעבראָכן און צעשטערט ווערן[א] זאָלן אייערע
אָפּגעטער,
און אָפּגעהאַקט ווערן זאָלן אייערע זונזיילן,
און אויסגעמעקט ווערן זאָלן אייערע ווערק.
7 און פאַלן וועלן דערשלאָגענע צווישן אייך,
און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה.
8 אָבער איך וועל לאָזן אַן איבערבלייב:
אַז איר זאָלט האָבן אַנטרונענע פון שווערד צווישן די
פעלקער,
ווען איר ווערט צעשפּרייט אין די לענדער.
9 און אייערע אַנטרונענע וועלן מיך דערמאָנען
צווישן די פעלקער וואָס זיי זיינען געפאַנגען געוואָרן אַהין,
ווי אַזוי איך בין געווען צעבראָכן
פון וועגן זייער פאַרפירטן האַרצן
וואָס האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר,
און פון וועגן זייערע אויגן
וואָס זיינען געווען פאַרפירט נאָך זייערע אָפּגעטער;
און זיי וועלן זיך עקלען פאַר זיך אַליין,
וועגן די בייזן וואָס זיי האָבן געטאָן
ביי אַלע זייערע אומווערדיקייטן.
10 און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה;
ניט אומזיסט האָב איך גערעדט
זיי צו טאָן דאָסדאָזיקע בייז.

11 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
פּאַטש מיט דיין האַנט,
און קלאַפּ מיט דיין פוס,
און זאָג: ווי אויף אַלע בייזע אומווערדיקייטן
פון דעם הויז פון ישׂראל;
וואָרום פון שווערד, פון הונגער,
און פון פּעסט, וועלן זיי פאַלן.
12 דער ווייטער וועט פון פּעסט שטאַרבן,
און דער נאָענטער וועט פון שווערד פאַלן,
און דער געבליבענער און באַלעגערטער
וועט פון הונגער שטאַרבן:
און איך וועל אויסלאָזן מיין גרימצאָרן אויף זיי.
13 און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה,
ווען זייערע דערשלאָגענע וועלן זיין צווישן זייערע
אָפּגעטער
רונד אַרום זייערע מזבחות,
אויף יעטוועדער הויכן בערגל,
אויף אַלע שפּיצן בערג,
און אונטער יעטוועדער צווייגהאַפטיקן בוים,
און אונטער יעטוועדער געדיכטן אייכנבוים,
אין דעם אָרט וואָס זיי האָבן דאָרטן געגעבן
אַ געשמאַקן ריח צו אַלע זייערע אָפּגעטער.
14 און איך וועל אויסשטרעקן מיין האַנט אויף זיי,
און וועל מאַכן דאָס לאַנד אַ וויסט און וויסטעניש
מער פון מדבר דִבלָה,
אין אַלע זייערע וווינערטער;
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה.

א ב וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם שִׂים פָּנֶיךָ אֶל־הָרֵי
ג יִשְׂרָאֵל וְהִנָּבֵא אֲלֵיהֶם׃ וְאָמַרְתָּ הָרֵי יִשְׂרָאֵל שִׁמְעוּ דְּבַר־
אֲדֹנָי יֱהוִה כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה לֶהָרִים וְלַגְּבָעוֹת לָאֲפִיקִים
וְלַגֵּאָוֹת הִנְנִי אֲנִי מֵבִיא עֲלֵיכֶם חֶרֶב וְאִבַּדְתִּי בָּמוֹתֵיכֶם׃
ד וְנָשַׁמּוּ מִזְבְּחוֹתֵיכֶם וְנִשְׁבְּרוּ חַמָּנֵיכֶם וְהִפַּלְתִּי חַלְלֵיכֶם
ה לִפְנֵי גִּלּוּלֵיכֶם׃ וְנָתַתִּי אֶת־פִּגְרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי גִּלּוּלֵיהֶם
ו וְזֵרִיתִי אֶת־עַצְמוֹתֵיכֶם סְבִיבוֹת מִזְבְּחוֹתֵיכֶם׃ בְּכֹל
מוֹשְׁבוֹתֵיכֶם הֶעָרִים תֶּחֱרַבְנָה וְהַבָּמוֹת תִּישָׁמְנָה לְמַעַן
יֶחֶרְבוּ וְיֶאְשְׁמוּ מִזְבְּחוֹתֵיכֶם וְנִשְׁבְּרוּ וְנִשְׁבְּתוּ גִּלּוּלֵיכֶם
ז וְנִגְדְּעוּ חַמָּנֵיכֶם וְנִמְחוּ מַעֲשֵׂיכֶם׃ וְנָפַל חָלָל בְּתוֹכְכֶם
ח וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ וְהוֹתַרְתִּי בִּהְיוֹת לָכֶם פְּלִיטֵי חֶרֶב
ט בַּגּוֹיִם בְּהִזָּרוֹתֵיכֶם בָּאֲרָצוֹת׃ וְזָכְרוּ פְלִיטֵיכֶם אוֹתִי בַּגּוֹיִם
אֲשֶׁר נִשְׁבּוּ־שָׁם אֲשֶׁר נִשְׁבַּרְתִּי אֶת־לִבָּם הַזּוֹנֶה אֲשֶׁר־
סָר מֵעָלַי וְאֵת עֵינֵיהֶם הַזֹּנוֹת אַחֲרֵי גִּלּוּלֵיהֶם וְנָקֹטּוּ
י בִּפְנֵיהֶם אֶל־הָרָעוֹת אֲשֶׁר עָשׂוּ לְכֹל תּוֹעֲבֹתֵיהֶם׃ וְיָדְעוּ
כִּי־אֲנִי יְהוָה לֹא אֶל־חִנָּם דִּבַּרְתִּי לַעֲשׂוֹת לָהֶם הָרָעָה
יא הַזֹּאת׃ כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה הַכֵּה בְכַפְּךָ וּרְקַע
בְּרַגְלְךָ וֶאֱמָר־אָח אֶל כָּל־תּוֹעֲבוֹת רָעוֹת בֵּית יִשְׂרָאֵל
יב אֲשֶׁר בַּחֶרֶב בָּרָעָב וּבַדֶּבֶר יִפֹּלוּ׃ הָרָחוֹק בַּדֶּבֶר יָמוּת
וְהַקָּרוֹב בַּחֶרֶב יִפּוֹל וְהַנִּשְׁאָר וְהַנָּצוּר בָּרָעָב יָמוּת וְכִלֵּיתִי
יג חֲמָתִי בָּם׃ וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהוָה בִּהְיוֹת חַלְלֵיהֶם בְּתוֹךְ
גִּלּוּלֵיהֶם סְבִיבוֹת מִזְבְּחוֹתֵיהֶם אֶל כָּל־גִּבְעָה רָמָה בְּכֹל ׀
רָאשֵׁי הֶהָרִים וְתַחַת כָּל־עֵץ רַעֲנָן וְתַחַת כָּל־אֵלָה עֲבֻתָּה
יד מְקוֹם אֲשֶׁר נָתְנוּ־שָׁם רֵיחַ נִיחֹחַ לְכֹל גִּלּוּלֵיהֶם׃ וְנָטִיתִי
אֶת־יָדִי עֲלֵיהֶם וְנָתַתִּי אֶת־הָאָרֶץ שְׁמָמָה וּמְשַׁמָּה מִמִּדְבַּר
דִּבְלָתָה בְּכֹל מוֹשְׁבוֹתֵיהֶם וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃

ג׳ ולגאיות קרי

א וואָרטשפּיל: וְנִשְׁבְּרוּ וְנִשְׁבְּתוּ.

ז

א ב וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם כֹּה־אָמַר
אֲדֹנָי יֱהוִה לְאַדְמַת יִשְׂרָאֵל קֵץ בָּא הַקֵּץ עַל־אַרְבַּעַת
ג כַּנְפוֹת הָאָרֶץ׃ עַתָּה הַקֵּץ עָלַיִךְ וְשִׁלַּחְתִּי אַפִּי בָּךְ
ד וּשְׁפַטְתִּיךְ כִּדְרָכָיִךְ וְנָתַתִּי עָלַיִךְ אֵת כָּל־תּוֹעֲבוֹתָיִךְ׃ וְלֹא־
תָחוֹס עֵינִי עָלַיִךְ וְלֹא אֶחְמוֹל כִּי דְּרָכַיִךְ עָלַיִךְ אֶתֵּן
וְתוֹעֲבוֹתַיִךְ בְּתוֹכֵךְ תִּהְיֶיןָ וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהוָה׃
ה ו כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה רָעָה אַחַת רָעָה הִנֵּה בָאָה׃ קֵץ
ז בָּא בָּא הַקֵּץ הֵקִיץ אֵלָיִךְ הִנֵּה בָּאָה׃ בָּאָה הַצְּפִירָה
אֵלֶיךָ יוֹשֵׁב הָאָרֶץ בָּא הָעֵת קָרוֹב הַיּוֹם מְהוּמָה וְלֹא־הֵד
ח הָרִים׃ עַתָּה מִקָּרוֹב אֶשְׁפּוֹךְ חֲמָתִי עָלַיִךְ וְכִלֵּיתִי אַפִּי בָּךְ
ט וּשְׁפַטְתִּיךְ כִּדְרָכָיִךְ וְנָתַתִּי עָלַיִךְ אֵת כָּל־תּוֹעֲבוֹתָיִךְ׃ וְלֹא־
תָחוֹס עֵינִי וְלֹא אֶחְמוֹל כִּדְרָכַיִךְ עָלַיִךְ אֶתֵּן וְתוֹעֲבוֹתַיִךְ
י בְּתוֹכֵךְ תִּהְיֶיןָ וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי יְהוָה מַכֶּה׃ הִנֵּה הַיּוֹם
יא הִנֵּה בָאָה יָצְאָה הַצְּפִרָה צָץ הַמַּטֶּה פָּרַח הַזָּדוֹן׃ הֶחָמָס
קָם לְמַטֵּה־רֶשַׁע לֹא־מֵהֶם וְלֹא מֵהֲמוֹנָם וְלֹא מֶהֱמֵהֶם
יב וְלֹא־נֹהַּ בָּהֶם׃ בָּא הָעֵת הִגִּיעַ הַיּוֹם הַקּוֹנֶה אַל־יִשְׂמָח
יג וְהַמּוֹכֵר אַל־יִתְאַבָּל כִּי חָרוֹן אֶל־כָּל־הֲמוֹנָהּ׃ כִּי הַמּוֹכֵר
אֶל־הַמִּמְכָּר לֹא יָשׁוּב וְעוֹד בַּחַיִּים חַיָּתָם כִּי־חָזוֹן אֶל־כָּל־
יד הֲמוֹנָהּ לֹא יָשׁוּב וְאִישׁ בַּעֲוֺנוֹ חַיָּתוֹ לֹא־יִתְחַזָּקוּ׃ תָּקְעוּ
בַתָּקוֹעַ וְהָכִין הַכֹּל וְאֵין הֹלֵךְ לַמִּלְחָמָה כִּי חֲרוֹנִי אֶל־
טו כָּל־הֲמוֹנָהּ׃ הַחֶרֶב בַּחוּץ וְהַדֶּבֶר וְהָרָעָב מִבָּיִת אֲשֶׁר
בַּשָּׂדֶה בַּחֶרֶב יָמוּת וַאֲשֶׁר בָּעִיר רָעָב וָדֶבֶר יֹאכְלֶנּוּ׃
טז וּפָלְטוּ פְּלִיטֵיהֶם וְהָיוּ אֶל־הֶהָרִים כְּיוֹנֵי הַגֵּאָיוֹת כֻּלָּם הֹמוֹת
יז אִישׁ בַּעֲוֺנוֹ׃ כָּל־הַיָּדַיִם תִּרְפֶּינָה וְכָל־בִּרְכַּיִם תֵּלַכְנָה מָּיִם׃
יח וְחָגְרוּ שַׂקִּים וְכִסְּתָה אוֹתָם פַּלָּצוּת וְאֶל כָּל־פָּנִים בּוּשָׁה
יט וּבְכָל־רָאשֵׁיהֶם קָרְחָה׃ כַּסְפָּם בַּחוּצוֹת יַשְׁלִיכוּ וּזְהָבָם

ב׳ ארבע קרי   ה׳ כ״א אחר   יב׳ קמץ בז״ק

ז

1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
2 און דו מענטשנקינד, אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
אַ סוף צו דער ערד פון ישׂראל!
געקומען אַ סוף אויף די פיר עקן פון לאַנד.
3 אַצונד איז אַ סוף אויף דיר,
און איך וועל אָנשיקן מיין צאָרן אויף דיר,
און וועל דיך משפּטן לויט דיינע וועגן,
און פאַרגעלטן אויף דיר אַלע דיינע אומווערדיקייטן.
4 און מיין אויג וועט דיך ניט שוינען,
און איך וועל ניט דערבאַרימען;
נייערט דיינע וועגן וועל איך פאַרגעלטן אויף דיר,
און דיינע אומווערדיקייטן וועלן אין דיין מיט בלייבן;
און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה.
5 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
אַן אומגליק, אַ באַזונדער אומגליק אָט קומט!
6 אַ סוף איז געקומען,
געקומען דער סוף[א],
ער האָט זיך דערוועקט[ב] אויף דיר;
אָט קומט עס!
7 געקומען איז די ריי צו דיר,
באַוווינער פון לאַנד;
געקומען די צייט,
נאָנט איז דער טאָג פון מהומה,
און אויס דער געהילך פון די בערג.
8 אַצונד באַלד וועל איך אויסגיסן מיין גרימצאָרן אויף דיר,
און אויסלאָזן אויף דיר מיין כּעס,
און דיך משפּטן לויט דיינע וועגן,
און פאַרגעלטן אויף דיר אַלע דיינע אומווערדיקייטן.
9 און מיין אויג וועט ניט שוינען,
און איך וועל ניט דערבאַרימען;
לויט דיינע וועגן וועל איך פאַרגעלטן אויף דיר,
און דיינע אומווערדיקייטן וועלן אין דיין מיט בלייבן;
און איר וועט וויסן אַז איך יהוה טו שלאָגן.

10 אָט איז דער טאָג,
אָט קומט עס!
אויסגעפאַלן איז די ריי,
געשפּראָצט האָט דער שטעקן,
געבליט האָט די מוטוויליקייט.
11 אומרעכט איז אויסגעוואַקסן
אין אַ שטעקן פון שלעכטיקייט;
ניט פון זיי קומט אַרויס,
און ניט פון זייער געזעמל,
און ניט פון זייער געטומלג;
און ניטאָ קיין געהויבנקייט אין זיי.
12 געקומען איז די צייט,
דערגרייכט האָט דער טאָג;
דער קויפער זאָל זיך ניט פרייען,
און דער פאַרקויפער זאָל ניט טרויערן,
וואָרום אַ גרימצאָרן איז אויף איר גאַנצן געזעמל.
13 וואָרום דער פאַרקויפער וועט צום פאַרקויפטן
אין זיין לעבנס לעבן זיך ניט אומקערן;
ווייל אַ זעאונג איז אויף איר גאַנצן געזעמל,
עס זאָל זיך ניט אומקערן;
און פון וועגן זיין זינד אין זיין לעבן
וועט זיך קיינער ניט דערהאַלטן.
14 געבלאָזן דעם האָרן,
און אָנגעברייט אַלצדינג,
און ניטאָ ווער זאָל גיין אויף מלחמה;
וואָרום מיין גרימצאָרן איז אויף איר גאַנצן געזעמל.
15 דערויסן די שווערד,
און אינעווייניק די פּעסט און דער הונגער;
דער וואָס אין פעלד וועט דורכן שווערד שטאַרבן,
און דער וואָס אין שטאָט, וועט אים הונגער און פּעסט אויפעסן.
16 און זייערע אַנטרונענע וועלן אַנטרינען,
און וועלן זיין אויף די בערג,
ווי טויבן פון די טאָלן,
וואָס אַלע טוען זיי ברומען;
איטלעכער פון וועגן זיין זינד.
17 אַלע הענט וועלן שלאַף ווערן,
און אַלע קני וועלן רינען מיט וואַסער.
18 און זיי וועלן אָנגורטן זאַקקליידער,
און אַ שוידער וועט זיי באַדעקן,
און אויף אַלע פּנימער וועט זיין אַ בושה,
און אויף אַלע זייערע קעפּ אַ פּליך.
19 זייער זילבער וועלן זיי אויף די גאַסן אַרויסוואַרפן,
און זייער גאָלד וועט אַן אומרייניקייט ווערן,

א, ב וואָרטשפּיל: קֵץ–הַקִּיץ.   ג וואָרטשפּיל: לא־מֵהֶם וְלֹא מֵהֲמוֹנָם וְלֹא מֶהֱמֵהֶם.

זייער זילבער און זייער גאָלד וועט זיי ניט קענען מציל זיין
אין טאָג פון גאָטס גרימצאָרן;
זייער לייב וועלן זיי ניט אָנזעטן
און זייערע אינגעווייד וועלן זיי ניט אָנפילן;
וואָרום די שטרויכלונג צו זייער זינד איז דאָס געווען,
20 און זייער שײנע צירונג וואָס זיי האָבן פאַר אַ שטאָלץ געמאַכט;
און בילדער פון זייערע מיאוסע אומווערדיקייטן
האָבן זיי דערפון אויסגעאַרבעט;
דרום מאַך איך עס זיי פאַר אַן אומרייניקייט.
21 און איך וועל עס געבן אין דער האַנט פון פרעמדע צו רויב,
און צו די שלעכטע פון דער ערד צו פאַנג,
און זיי וועלן עס פאַרשוועכן.
22 און איך וועל אָפדרייען מיין פנים פון זיי,
און מע וועט פאַרשוועכן מיין פאַרבאָרגעניש;
יאָ, אַיינברעכער וועלן קומען אין איר,
און וועלן זי פאַרשוועכן.

23 גרייט צו די קייטן,
וואָרום דאָס לאַנד איז פול מיט בלוטשולד,
און די שטאָט איז פול מיט אומרעכט.
24 און איך וועל ברענגען די ערגסטע פון די פעלקער,
און זיי וועלן ירשענען זייערע הייזער;
און איך וועל פאַרשטערן דעם שטאָלץ פון די שטאַרקע;
און פאַרשוועכט וועלן ווערן זייערע הייליקטומען.
25 אַ שוידערניש קומט,
און זיי וועלן זוכן שלום, און עס וועט ניט זיין.
26 אַ בראָך אויף אַ בראָך וועט קומען,
און אַ הערונג נאָך אַ הערונג וועט זיין;
און זיי וועלן זוכן אַ זעאונג פון נביא,
און די תּורה וועט פאַרלאָרן ווערן פון כהן,
און אַן עצה פון די זקנים.
27 דער מלך וועט טרויערן,
און דער פירשט וועט זיך אָנקליידן מיט וויסטקייט,
און די הענט פון דעם פאָלק פון לאַנד וועלן צעטומלט ווערן;
לויט זייער וועג וועל איך טאָן מיט זיי,
און מיט זייערע משפּטים וועל איך זיי משפּטן;
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה.

לְנִדָּה יִהְיֶה כַּסְפָּם וּזְהָבָם לֹא־יוּכַל לְהַצִּילָם בְּיוֹם עֶבְרַת
יְהוָה נַפְשָׁם לֹא יְשַׂבֵּעוּ וּמֵעֵיהֶם לֹא יְמַלֵּאוּ כִּי־מִכְשׁוֹל
כ עֲוֺנָם הָיָה׃ וּצְבִי עֶדְיוֹ לְגָאוֹן שָׂמָהוּ וְצַלְמֵי תוֹעֲבֹתָם
כא שִׁקּוּצֵיהֶם עָשׂוּ בוֹ עַל־כֵּן נְתַתִּיו לָהֶם לְנִדָּה׃ וּנְתַתִּיו
כב בְּיַד־הַזָּרִים לָבַז וּלְרִשְׁעֵי הָאָרֶץ לְשָׁלָל וְחִלְּלוּהָ׃ וַהֲסִבּוֹתִי
פָנַי מֵהֶם וְחִלְּלוּ אֶת־צְפוּנִי וּבָאוּ־בָהּ פָּרִיצִים וְחִלְּלוּהָ׃
כג עֲשֵׂה הָרַתּוֹק כִּי הָאָרֶץ מָלְאָה מִשְׁפַּט דָּמִים וְהָעִיר מָלְאָה
כד חָמָס׃ וְהֵבֵאתִי רָעֵי גוֹיִם וְיָרְשׁוּ אֶת־בָּתֵּיהֶם וְהִשְׁבַּתִּי
כה גְּאוֹן עַזִּים וְנִחֲלוּ מְקַדְשֵׁיהֶם׃ קְפָדָה־בָא וּבִקְשׁוּ שָׁלוֹם
כו וָאָיִן׃ הֹוָה עַל־הֹוָה תָּבוֹא וּשְׁמֻעָה אֶל־שְׁמוּעָה תִּהְיֶה
וּבִקְשׁוּ חָזוֹן מִנָּבִיא וְתוֹרָה תֹּאבַד מִכֹּהֵן וְעֵצָה מִזְּקֵנִים׃
כז הַמֶּלֶךְ יִתְאַבָּל וְנָשִׂיא יִלְבַּשׁ שְׁמָמָה וִידֵי עַם־הָאָרֶץ
תִּבָּהַלְנָה מִדַּרְכָּם אֶעֱשֶׂה אוֹתָם וּבְמִשְׁפְּטֵיהֶם אֶשְׁפְּטֵם
וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃

ח

א וַיְהִי ׀ בַּשָּׁנָה הַשִּׁשִּׁית בַּשִּׁשִּׁי בַּחֲמִשָּׁה לַחֹדֶשׁ אֲנִי יוֹשֵׁב
בְּבֵיתִי וְזִקְנֵי יְהוּדָה יוֹשְׁבִים לְפָנָי וַתִּפֹּל עָלַי שָׁם יַד
ב אֲדֹנָי יְהוִה׃ וָאֶרְאֶה וְהִנֵּה דְמוּת כְּמַרְאֵה־אֵשׁ מִמַּרְאֵה
מָתְנָיו וּלְמַטָּה אֵשׁ וּמִמָּתְנָיו וּלְמַעְלָה כְּמַרְאֵה־זֹהַר כְּעֵין
ג הַחַשְׁמַלָה׃ וַיִּשְׁלַח תַּבְנִית יָד וַיִּקָּחֵנִי בְּצִיצִת רֹאשִׁי וַתִּשָּׂא
אֹתִי רוּחַ ׀ בֵּין־הָאָרֶץ וּבֵין הַשָּׁמַיִם וַתָּבֵא אֹתִי יְרוּשָׁלַמָה
בְּמַרְאוֹת אֱלֹהִים אֶל־פֶּתַח שַׁעַר הַפְּנִימִית הַפּוֹנֶה צָפוֹנָה
ד אֲשֶׁר־שָׁם מוֹשַׁב סֵמֶל הַקִּנְאָה הַמַּקְנֶה׃ וְהִנֵּה־שָׁם כְּבוֹד
ה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כַּמַּרְאֶה אֲשֶׁר רָאִיתִי בַּבִּקְעָה׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי
בֶּן־אָדָם שָׂא־נָא עֵינֶיךָ דֶּרֶךְ צָפוֹנָה וָאֶשָּׂא עֵינַי דֶּרֶךְ
צָפוֹנָה וְהִנֵּה מִצָּפוֹן לְשַׁעַר הַמִּזְבֵּחַ סֵמֶל הַקִּנְאָה הַזֶּה
ו בַּבִּאָה׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי בֶּן־אָדָם הֲרֹאֶה אַתָּה מֵהֶם עֹשִׂים

ז, כא׳ וחללוה קרי    כה׳ כציל    כז׳ כ״א ובמשפטיהם
ח, ב׳ פתח בס״ס    ו׳ מה הם קרי

ח 1 און עס איז געווען אין זעקסטן יאָר, אין זעקסטן חודש, אין פינפטן טאָג פון חודש, ווי איך זיץ אין מיין הויז, און די עלטסטע פון יהודה זיצן פאַר מיר, אַזוי איז דאָרטן געפאַלן אויף מיר די האַנט פון גאָט דעם האַר. 2 און איך האָב געזען, ערשט אַ געשטאַלט אַזוי ווי דאָס אויסזען פון פייער: פון דעם אויסזען פון זיינע לענדן און אַראָפּ פייער, און פון זיינע לענדן און אַרויף אַזוי ווי דאָס אויסזען פון גלאַנציקייט, אַזוי ווי דער אָנבליק פון בורשטין. 3 און ער האָט אויסגעשטרעקט אַ געשטאַלט פון אַ האַנט, און האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ לאָק פון מיין קאָפּ, און אַ ווינט האָט מיך געטראָגן צווישן ערד און צווישן הימל, און האָט מיך געבראַכט אין זעאונגען פון גאָט קיין ירושָלַיִם, צום אַיינגאַנג פון דעם אינעווייניקסטן טויער וואָס איז געקערט צו צפון, וואָס דאָרטן איז געווען דער אָרט פון דעם דערצערנבילד וואָס דערצערנט. 4 ערשט דאָרטן איז די פּראַכט פון דעם גאָט פון ישׂראל, אַזוי ווי די זעאונג וואָס איך האָב געזען אין טאָל. 5 און ער האָט צו מיר געזאָגט: מענטשנקינד, הייב אַקאָרשט אויף דיינע אויגן קעגן צפון. האָב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן קעגן צפון, ערשט אין צפון פון דעם טויער פון מזבח איז דאָסדאָזיקע דערצערנבילד, ביים אַריינגאַנג. 6 און ער האָט צו מיר געזאָגט:

תֹּועֵבֹ֨ות גְּדֹלֹ֜ות אֲשֶׁ֨ר בֵּֽית־יִשְׂרָאֵ֥ל ׀ עֹשִׂ֣ים פֹּ֗ה לְרָֽחֳקָה֙
מֵעַ֣ל מִקְדָּשִׁ֔י וְעֹוד֙ תָּשׁ֣וּב תִּרְאֶ֔ה תֹּועֵבֹ֖ות גְּדֹלֹֽות׃ וַיָּבֵ֥א 7
אֹתִ֖י אֶל־פֶּ֣תַח הֶחָצֵ֑ר וָאֶרְאֶ֕ה וְהִנֵּ֥ה חֹר־אֶחָ֖ד בַּקִּֽיר׃
וַיֹּ֣אמֶר אֵלַ֔י בֶּן־אָדָ֖ם חֲתָר־נָ֣א בַקִּ֑יר וָאֶחְתֹּ֣ר בַּקִּ֔יר וְהִנֵּ֥ה 8
פֶּ֖תַח אֶחָֽד׃ וַיֹּ֖אמֶר אֵלָ֑י בֹּ֚א וּרְאֵה֙ אֶת־הַתֹּועֵבֹ֣ות הָֽרָעֹ֔ות 9
אֲשֶׁ֛ר הֵ֥ם עֹשִׂ֖ים פֹּֽה׃ וָֽאָבֹוא֙ וָֽאֶרְאֶ֔ה וְהִנֵּ֨ה כָל־תַּבְנִ֜ית 10
רֶ֤מֶשׂ וּבְהֵמָה֙ שֶׁ֔קֶץ וְכָל־גִּלּוּלֵ֖י בֵּ֣ית יִשְׂרָאֵ֑ל מְחֻקֶּ֥ה עַל־
הַקִּ֖יר סָבִ֥יב ׀ סָבִֽיב׃ וְשִׁבְעִ֣ים אִ֣ישׁ מִזִּקְנֵ֣י בֵית־יִ֠שְׂרָאֵל 11
וְיַאֲזַנְיָ֨הוּ בֶן־שָׁפָ֜ן עֹמֵ֣ד בְּתֹוכָ֗ם עֹמְדִ֖ים לִפְנֵיהֶ֑ם וְאִ֤ישׁ
מִקְטַרְתֹּו֙ בְּיָדֹ֔ו וַעֲתַ֥ר עֲנַֽן־הַקְּטֹ֖רֶת עֹלֶֽה׃ וַיֹּ֣אמֶר אֵלַ֗י 12
הֲרָאִ֣יתָ בֶן־אָדָם֒ אֲשֶׁ֨ר זִקְנֵ֤י בֵית־יִשְׂרָאֵל֙ עֹשִׂ֣ים בַּחֹ֔שֶׁךְ
אִ֖ישׁ בְּחַדְרֵ֣י מַשְׂכִּיתֹ֑ו כִּ֣י אֹמְרִ֗ים אֵ֤ין יְהוָה֙ רֹאֶ֣ה אֹתָ֔נוּ
עָזַ֥ב יְהוָ֖ה אֶת־הָאָֽרֶץ׃ וַיֹּ֖אמֶר אֵלָ֑י עֹ֣וד תָּשׁ֣וּב תִּרְאֶ֔ה 13
תֹּועֵבֹ֥ות גְּדֹלֹ֖ות אֲשֶׁר־הֵ֥מָּה עֹשִֽׂים׃ וַיָּבֵ֣א אֹתִ֗י אֶל־פֶּ֙תַח֙ 14
שַׁ֣עַר בֵּית־יְהוָ֔ה אֲשֶׁ֖ר אֶל־הַצָּפֹ֑ונָה וְהִנֵּה־שָׁם֙ הַנָּשִׁ֣ים
יֹֽשְׁבֹ֔ות מְבַכֹּ֖ות אֶת־הַתַּמּֽוּז׃ וַיֹּ֥אמֶר אֵלַ֖י הֲרָאִ֣יתָ בֶן־אָדָ֑ם 15
עֹ֚וד תָּשׁ֣וּב תִּרְאֶ֔ה תֹּועֵבֹ֖ות גְּדֹלֹ֥ות מֵאֵֽלֶּה׃ וַיָּבֵ֣א אֹתִ֗י אֶל־ 16
חֲצַ֤ר בֵּית־יְהוָה֙ הַפְּנִימִ֔ית וְהִנֵּה־פֶ֞תַח הֵיכַ֣ל יְהוָ֗ה בֵּ֤ין
הָֽאוּלָם֙ וּבֵ֣ין הַמִּזְבֵּ֔חַ כְּעֶשְׂרִ֥ים וַחֲמִשָּׁ֖ה אִ֑ישׁ אֲחֹֽרֵיהֶ֞ם
אֶל־הֵיכַ֤ל יְהוָה֙ וּפְנֵיהֶ֣ם קֵ֔דְמָה וְהֵ֛מָּה מִֽשְׁתַּחֲוִיתֶ֥ם קֵ֖דְמָה
לַשָּֽׁמֶשׁ׃ וַיֹּ֣אמֶר אֵלַ֗י הֲרָאִ֣יתָ בֶן־אָדָם֒ הֲנָקֵל֙ לְבֵ֣ית יְהוּדָ֔ה 17
מֵעֲשֹׂ֖ות אֶת־הַתֹּועֵבֹ֣ות אֲשֶׁ֣ר עָֽשׂוּ־פֹ֑ה כִּֽי־מָלְא֨וּ אֶת־הָאָ֜רֶץ
חָמָ֗ס וַיָּשֻׁ֙בוּ֙ לְהַכְעִיסֵ֔נִי וְהִנָּ֥ם שֹׁלְחִ֛ים אֶת־הַזְּמֹורָ֖ה אֶל־
אַפָּֽם׃ וְגַם־אֲנִי֙ אֶעֱשֶׂ֣ה בְחֵמָ֔ה לֹא־תָח֥וֹס עֵינִ֖י וְלֹ֣א אֶחְמֹ֑ל 18
וְקָרְא֤וּ בְאָזְנַי֙ קֹ֣ול גָּדֹ֔ול וְלֹ֥א אֶשְׁמַ֖ע אֹותָֽם׃

ט

וַיִּקְרָ֨א בְאָזְנַ֜י קֹ֤ול גָּדֹול֙ לֵאמֹ֔ר קָֽרְב֖וּ פְּקֻדֹּ֣ות הָעִ֑יר וְאִ֛ישׁ 1
כְּלִ֥י מַשְׁחֵתֹ֖ו בְּיָדֹֽו׃ וְהִנֵּ֣ה שִׁשָּׁ֣ה אֲ֠נָשִׁים בָּאִ֣ים ׀ מִדֶּֽרֶךְ־ 2

מענטשנקינד, דו זעסט וואָס זיי טוען? די גרויסע אומווערדיקייטן וואָס דאָס הויז פון ישראל טוט דאָ, כדי איך זאָל מיך דערווייטערן פון מיין הייליקטום? און וועסט נאָך ווייטער זען גרעסערע אומווערדיקייטן. 7 און ער האָט מיך געבראַכט צום אײַנגאַנג פון הויף, און איך האָב געזען, ערשט אַ לאָך איז אין דער וואַנט. 8 האָט ער צו מיר געזאָגט: מענטשנקינד, גראָב אַקאָרשט אין דער וואַנט. און איך האָב געגראָבן אין דער וואַנט, ערשט אַן אײַנגאַנג. 9 האָט ער צו מיר געזאָגט: גיי אַריין, און זע די בייזע אומווערדיקייטן וואָס זיי טוען דאָ. 10 בין איך אַריינגעגאַנגען, און האָב געזען, ערשט אַלערליי אומווערדיקע געשטאַלטן פון שרצים און בהמות, און אַלערליי אָפּגעטער פון דעם הויז פון ישראל, זיינען אויסגעקריצט אויף דער וואַנט רונד אַרום. 11 און פאַר זיי שטייען זיבעציק מאַן פון די עלטסטע פון דעם הויז פון ישראל, און יַאֲזַנְיָהו דער זון פון שָפָנען שטייט אין מיטן פון זיי, און איטלעכער מיט זיין ריי כערפאַן אין זיין האַנט, און אַ דיקער וואָלקן פון דעם ווייַרוך גייט אויף. 12 האָט ער צו מיר געזאָגט: האָסטו געזען, מענטשנקינד, וואָס די עלטסטע פון דעם הויז פון ישראל טוען אין דער פינצטערניש, איטלעכער אין זיינע בילדערקאַמערן? וואָרום זיי זאָגן: גאָט זעט אונדז ניט, פאַרלאָזן האָט גאָט דאָס לאַנד. 13 און ער האָט צו מיר געזאָגט: וועסט נאָך ווייטער זען גרעסערע אומווערדיקייטן וואָס זיי טוען. 14 און ער האָט מיך געבראַכט צו דעם טויער־אײַנגאַנג פון גאָטס הויז וואָס צו צפון, ערשט דאָרטן זיצן די ווייבער און באַוויינען תַמוּזן. 15 האָט ער צו מיר געזאָגט: האָסטו געזען, מענטשנקינד? וועסט נאָך ווייטער זען גרעסערע אומווערדיקייטן ווי די דאָזיקע.
16 און ער האָט מיך געבראַכט צו דעם אינעווייניקסטן הויף פון גאָטס הויז, ערשט ביים אײַנגאַנג פון גאָטס טעמפּל, צווישן דעם פּאָליש און דעם מזבח, זיינען אַרום פינף און צוואַנציק מאַן, מיט זייערע רוקנס צום טעמפּל פון גאָט, און זייערע פּנימער צו מזרח, און זיי בוקן זיך קעגן מזרח צו דער זון. 17 האָט ער צו מיר געזאָגט: האָסטו געזען, מענטשנקינד? קנאַפּ איז דעם הויז פון יהודה צו טאָן די אומווערדיקייטן וואָס זיי האָבן דאָ געטאָן, אַז זיי האָבן נאָך אָנגעפילט דאָס לאַנד מיט אומרעכט, און האָבן מיך ווידער און ווידער דערצערנט; און אָט לייגן זיי צו דעם צווייג צו זייער נאָז.

18 דרום וועל איך אויך טאָן מיט גרימצאָרן;
מיין אויג וועט ניט שוינען,
און איך וועל ניט דערבאַרימען;
און זיי וועלן שרייען אין מיין אויער אויף אַ הויך קול,
און איך וועל זיי ניט צוהערן.

ט

1 און אַ הויכער קול האָט אויסגערופן אין מיין אויער, אַזוי צו זאָגן: מאַכט גענענען די וואָס זיינען געזעצט אויף דער שטאָט, און איטלעכן מיט זיין צעשטערגעצייג אין זיין האַנט. 2 ערשט זעקס מענער זיינען אָנגעקומען פון דעם וועג

פון דעם אויבערשטן טויער וואָס איז געקערט צו צפון, און איטלעכער מיט זיין ברעכגעצייג אין זיין האַנט, און איין מאַן צווישן זיי אָנגעטאָן אין ליינען מיט אַ שרייבערס טינטהאָרן אויף זיינע לענדן. און זיי זיינען געקומען, און האָבן זיך געשטעלט לעבן דעם קופּערנעם מזבח. [3] און די פּראַכט פון דעם גאָט פון ישׂראל האָט זיך אויפגעהויבן פון איבער דעם כרוב וואָס זי איז אויף אים געווען, צו דעם שוועל פון הויז; און ער האָט גערופן צו דעם מאַן אָנגעטאָן אין ליינען, וואָס אַ שרייבערס טינטהאָרן איז געווען אויף זיינע לענדן. [4] און גאָט האָט צו אים געזאָגט: גיי דורך אין מיטן שטאָט, אין מיטן ירושָלַיִם, און זאָלסט אָנצייכענען אַ צייכן אויף די שטערנס פון די מענטשן וואָס זיפצן און קרעכצן אויף אַלע אומווערדיקייטן וואָס ווערן געטאָן אין איר. [5] און צו יענע האָט ער געזאָגט פאַר מיינע אויערן: גייט דורך אין שטאָט הינטער אים, און שלאָגט; אַייער אויג זאָל ניט שוינען, און איר זאָלט ניט דערבאַרימען. [6] אַ זקן, אַ בָחור און אַ מיידל, און קליינע קינדער און ווייבער, זאָלט איר הרגען צום טויט, נאָר צו קיין מענטשן וואָס אויף אים איז דער צייכן, זאָלט איר ניט גענענען; און פון מיין הייליקטום זאָלט איר אָנהייבן. האָבן זיי אָנגעהויבן פון די אַלטע לייט וואָס פאַרן הויז. [7] און ער האָט צו זיי געזאָגט: פאַראומרייניקט דאָס הויז, און פילט אָן די הויפן מיט דערשלאָגענע; גייט אַרויס! און זיי זיינען אַרויס־געגאַנגען, און האָבן געשלאָגן אין שטאָט. [8] און עס איז געווען, ווי זיי האָבן געשלאָגן, און איך בין געבליבן אַליין, אַזוי בין איך געפאַלן אויף מיין פּנים, און איך האָב געשריען, און געזאָגט: וויי, גאָט דו האַר, ווילסטו אומברענגען דעם גאַנצן איבערבלייב פון ישׂראל מיט וואָס דו גיסט אויס דיין גרימצאָרן אויף ירושָלַיִם? [9] האָט ער צו מיר געזאָגט: די זינד פון דעם הויז פון ישׂראל און יהודה איז זייער זייער גרויס, און דאָס לאַנד איז אָנגעפילט מיט בלוט, און די שטאָט איז פול מיט אומגערעכטיקייט, וואָרום זיי זאָגן: פאַרלאָזן האָט גאָט דאָס לאַנד, און גאָט זעט ניט.

[10] דרום וועט אויך מיין אויג ניט שוינען,
און איך וועל ניט דערבאַרימען;
זייער וועג וועל איך פאַרגעלטן אויף זייער קאָפּ.

[11] ערשט דער מאַן אָנגעטאָן אין ליינען וואָס דער טינטהאָרן איז געווען אויף זיינע לענדן, האָט געבראַכט אַן ענטפער, אַזוי צו זאָגן: איך האָב געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס דו האָסט מיר באַפוילן.

**י** [1] און איך האָב געזען, ערשט אויף דעם הימל וואָס איבערן קאָפּ פון די כרובים האָט זיך באַוויזן אַזוי ווי סאַפּירשטיין, אַזוי ווי דאָס אויסזען פון דער געשטאַלט פון אַ טראָן איבער זיי. [2] און ער האָט גערעדט צו דעם מאַן וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין ליינען, און ער האָט געזאָגט: גיי אַריין צווישן די רעדער, אונטער דעם כרוב, און פיל אָן דיינע הויפנס מיט

שַׁעַר הָעֶלְיוֹן אֲשֶׁר ׀ מָפְנֶה צָפוֹנָה וְאִישׁ כְּלִי מַפָּצוֹ בְּיָדוֹ
וְאִישׁ־אֶחָד בְּתוֹכָם לָבֻשׁ בַּדִּים וְקֶסֶת הַסֹּפֵר בְּמָתְנָיו
ג וַיָּבֹאוּ וַיַּעַמְדוּ אֵצֶל מִזְבַּח הַנְּחֹשֶׁת׃ וּכְבוֹד ׀ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
נַעֲלָה מֵעַל הַכְּרוּב אֲשֶׁר הָיָה עָלָיו אֶל מִפְתַּן הַבָּיִת
וַיִּקְרָא אֶל־הָאִישׁ הַלָּבֻשׁ הַבַּדִּים אֲשֶׁר קֶסֶת הַסֹּפֵר
ד בְּמָתְנָיו׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָו עֲבֹר בְּתוֹךְ הָעִיר בְּתוֹךְ
יְרוּשָׁלִָם וְהִתְוִיתָ תָּו עַל־מִצְחוֹת הָאֲנָשִׁים הַנֶּאֱנָחִים
ה וְהַנֶּאֱנָקִים עַל כָּל־הַתּוֹעֵבוֹת הַנַּעֲשׂוֹת בְּתוֹכָהּ׃ וּלְאֵלֶּה
אָמַר בְּאָזְנַי עִבְרוּ בָעִיר אַחֲרָיו וְהַכּוּ עַל־תָּחֹס עֵינֵיכֶם
ו וְאַל־תַּחְמֹלוּ׃ זָקֵן בָּחוּר וּבְתוּלָה וְטַף וְנָשִׁים תַּהַרְגוּ
לְמַשְׁחִית וְעַל־כָּל־אִישׁ אֲשֶׁר־עָלָיו הַתָּו אַל־תִּגֹּשׁוּ
וּמִמִּקְדָּשִׁי תָּחֵלּוּ וַיָּחֵלּוּ בָּאֲנָשִׁים הַזְּקֵנִים אֲשֶׁר לִפְנֵי הַבָּיִת׃
ז וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם טַמְּאוּ אֶת־הַבַּיִת וּמַלְאוּ אֶת־הַחֲצֵרוֹת
ח חֲלָלִים צֵאוּ וְיָצְאוּ וְהִכּוּ בָעִיר׃ וַיְהִי כְּהַכּוֹתָם וְנֵאשֲׁאַר
אֲנִי וָאֶפְּלָה עַל־פָּנַי וָאֶזְעַק וָאֹמַר אֲהָהּ אֲדֹנָי יֱהוִה הֲמַשְׁחִית
אַתָּה אֵת כָּל־שְׁאֵרִית יִשְׂרָאֵל בְּשָׁפְכְּךָ אֶת־חֲמָתְךָ עַל־
ט יְרוּשָׁלִָם׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי עֲוֹן בֵּית־יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה גָּדוֹל
בִּמְאֹד מְאֹד וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ דָּמִים וְהָעִיר מָלְאָה מֻטֶּה כִּי
י אָמְרוּ עָזַב יְהוָה אֶת־הָאָרֶץ וְאֵין יְהוָה רֹאֶה׃ וְגַם־אֲנִי
יא לֹא־תָחוֹס עֵינִי וְלֹא אֶחְמֹל דַּרְכָּם בְּרֹאשָׁם נָתָתִּי׃ וְהִנֵּה
הָאִישׁ ׀ לְבֻשׁ הַבַּדִּים אֲשֶׁר הַקֶּסֶת בְּמָתְנָיו מֵשִׁיב דָּבָר
לֵאמֹר עָשִׂיתִי כַּאֲשֶׁר צִוִּיתָנִי׃

י

א וָאֶרְאֶה וְהִנֵּה אֶל־הָרָקִיעַ אֲשֶׁר עַל־רֹאשׁ הַכְּרֻבִים כְּאֶבֶן
ב סַפִּיר כְּמַרְאֵה דְּמוּת כִּסֵּא נִרְאָה עֲלֵיהֶם׃ וַיֹּאמֶר אֶל־
הָאִישׁ ׀ לְבֻשׁ הַבַּדִּים וַיֹּאמֶר בֹּא אֶל־בֵּינוֹת לַגַּלְגַּל
אֶל־תַּחַת לַכְּרוּב וּמַלֵּא חָפְנֶיךָ גַחֲלֵי־אֵשׁ מִבֵּינוֹת

ט, ד׳ אליו קרי   ה׳ אל קרי   עינכם ק ו׳ ח׳ כצ״ל   ט׳ נ״א חמס   יא׳ ככל אשר ק

לַכְּרֻבִים וּזְרֹק עַל־הָעִיר וַיָּבֹא לְעֵינָי׃ וְהַכְּרֻבִים עֹמְדִים ג
מִימִין לַבַּיִת בְּבֹאוֹ הָאִישׁ וְהֶעָנָן מָלֵא אֶת־הֶחָצֵר
הַפְּנִימִית׃ וַיָּרָם כְּבוֹד־יְהוָה מֵעַל הַכְּרוּב עַל מִפְתַּן ד
הַבָּיִת וַיִּמָּלֵא הַבַּיִת אֶת־הֶעָנָן וְהֶחָצֵר מָלְאָה אֶת־נֹגַהּ
כְּבוֹד יְהוָה׃ וְקוֹל כַּנְפֵי הַכְּרוּבִים נִשְׁמַע עַד־הֶחָצֵר ה
הַחִיצֹנָה כְּקוֹל אֵל־שַׁדַּי בְּדַבְּרוֹ׃ וַיְהִי בְּצַוֹּתוֹ אֶת־הָאִישׁ ו
לְבֻשׁ־הַבַּדִּים לֵאמֹר קַח אֵשׁ מִבֵּינוֹת לַגַּלְגַּל מִבֵּינוֹת
לַכְּרוּבִים וַיָּבֹא וַיַּעֲמֹד אֵצֶל הָאוֹפָן׃ וַיִּשְׁלַח הַכְּרוּב אֶת־ ז
יָדוֹ מִבֵּינוֹת לַכְּרוּבִים אֶל־הָאֵשׁ אֲשֶׁר בֵּינוֹת הַכְּרֻבִים
וַיִּשָּׂא וַיִּתֵּן אֶל־חָפְנֵי לְבֻשׁ הַבַּדִּים וַיִּקַּח וַיֵּצֵא׃ וַיֵּרָא ח
לַכְּרֻבִים תַּבְנִית יַד־אָדָם תַּחַת כַּנְפֵיהֶם׃ וָאֶרְאֶה וְהִנֵּה ט
אַרְבָּעָה אוֹפַנִּים אֵצֶל הַכְּרוּבִים אוֹפַן אֶחָד אֵצֶל הַכְּרוּב
אֶחָד וְאוֹפַן אֶחָד אֵצֶל הַכְּרוּב אֶחָד וּמַרְאֵה הָאוֹפַנִּים
כְּעֵין אֶבֶן תַּרְשִׁישׁ׃ וּמַרְאֵיהֶם דְּמוּת אֶחָד לְאַרְבַּעְתָּם י
כַּאֲשֶׁר יִהְיֶה הָאוֹפַן בְּתוֹךְ הָאוֹפָן׃ בְּלֶכְתָּם אֶל־אַרְבַּעַת יא
רִבְעֵיהֶם יֵלֵכוּ לֹא יִסַּבּוּ בְּלֶכְתָּם כִּי הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־יִפְנֶה
הָרֹאשׁ אַחֲרָיו יֵלֵכוּ לֹא יִסַּבּוּ בְּלֶכְתָּם׃ וְכָל־בְּשָׂרָם יב
וְגַבֵּהֶם וִידֵיהֶם וְכַנְפֵיהֶם וְהָאוֹפַנִּים מְלֵאִים עֵינַיִם סָבִיב
לְאַרְבַּעְתָּם אוֹפַנֵּיהֶם׃ לָאוֹפַנִּים לָהֶם קוֹרָא הַגַּלְגַּל בְּאָזְנָי׃ יג
וְאַרְבָּעָה פָנִים לְאֶחָד פְּנֵי הָאֶחָד פְּנֵי הַכְּרוּב וּפְנֵי הַשֵּׁנִי יד
פְּנֵי אָדָם וְהַשְּׁלִישִׁי פְּנֵי אַרְיֵה וְהָרְבִיעִי פְּנֵי־נָשֶׁר׃ וַיֵּרֹמּוּ טו
הַכְּרוּבִים הִיא הַחַיָּה אֲשֶׁר רָאִיתִי בִּנְהַר־כְּבָר׃ וּבְלֶכֶת טז
הַכְּרוּבִים יֵלְכוּ הָאוֹפַנִּים אֶצְלָם וּבִשְׂאֵת הַכְּרוּבִים אֶת־
כַּנְפֵיהֶם לָרוּם מֵעַל הָאָרֶץ לֹא־יִסַּבּוּ הָאוֹפַנִּים גַּם־הֵם
מֵאֶצְלָם׃ בְּעָמְדָם יַעֲמֹדוּ וּבְרוֹמָם יֵרוֹמּוּ אוֹתָם כִּי רוּחַ יז
הַחַיָּה בָּהֶם׃ וַיֵּצֵא כְּבוֹד יְהוָה מֵעַל מִפְתַּן הַבָּיִת וַיַּעֲמֹד יח
עַל־הַכְּרוּבִים׃ וַיִּשְׂאוּ הַכְּרוּבִים אֶת־כַּנְפֵיהֶם וַיֵּרוֹמּוּ יט

יג׳ כצל

פייערקוילן פון צווישן די כרובים, און טו אַ וואָרף אויף דער שטאָט. איז ער אַרייַנגעגאַנגען פאַר מיינע אויגן.
3 און די כרובים זיינען געשטאַנען רעכטס פון הויז, ווען דער מאַן איז אַרייַנגעגאַנגען; און אַ וואָלקן האָט אָנגעפילט דעם אינעווייניקסטן הויף. 4 און די פּראַכט פון גאָט האָט זיך אויפגעהויבן פון איבער דעם כרוב צום שוועל פון הויז; און דאָס הויז איז אָנגעפילט געוואָרן מיטן וואָלקן, און דער הויף איז געווען פול מיט דעם שיין פון גאָטס פּראַכט. 5 און דאָס גערויש פון די פליגלען פון די כרובים האָט זיך געהערט ביזן אויסנווייניקסטן טויער, אַזוי ווי דער קָול פון גאָט אַלמאַכטיקן, ווען ער רעדט.
6 און עס איז געווען, ווי ער האָט באַפוילן דעם מאַן וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין לייגען, אַזוי צו זאָגן: נעם פייער פון צווישן די רעדער, פון צווישן די כרובים, אַזוי איז ער אַרייַנגעגאַנגען, און האָט זיך געשטעלט לעבן אַ ראָד. 7 און דער כרוב האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט פון צווישן די כרובים צו דעם פייער וואָס צווישן די כרובים, און ער האָט אויפגעהויבן און געגעבן אין די הויפנס פון דעם אָנגעטאָנענעם אין לייגען; און דער האָט עס גענומען, און איז אַרויסגעגאַנגען. 8 און ביי די כרובים האָט זיך געזוען די געשטאַלט פון אַ מענטשנס האַנט אונטער זייערע פליגלען.
9 און איך האָב געזוען, ערשט פיר רעדער זיינען לעבן די כרובים, איין ראָד לעבן איין כרוב, איין ראָד לעבן איין כרוב; און דאָס אויסזען פון די רעדער איז געווען אַזוי ווי דער אָנבליק פון גאָלדשטיין. 10 און זייער אויסזען: איין געשטאַלט איז געווען ביי זיי פירן, אַזוי ווי עס וואָלט זיין אַ ראָד אין אַ ראָד. 11 אַז זיי זיינען געגאַנגען, זיינען זיי געגאַנגען צו זייערע פיר זייטן: זיי האָבן זיך ניט אומגעדרייט ביי זייער גיין, נייערט צום אָרט וווהין דער קאָפּ איז געווען געקערט, נאָך אים זיינען זיי געגאַנגען; זיי האָבן זיך ניט אומגעדרייט ביי זייער גיין. 12 און זייער גאַנצער לייב, און זייער רוקן, און זייערע הענט, און זייערע פליגלען, און די רעדער, זיינען געווען פול מיט אויגן רונד אַרום — זייערע רעדער ביי זיי פירן. 13 די רעדער, זיי האָט מען אָנגערופן „דער גַלגַל“[א] אין מיינע אויערן. 14 און פיר פּנימער זיינען ביי איטלעכן געווען: איין פּנים דער פּנים פון אַ כרוב, און דער צווייטער פּנים דער פּנים פון אַ מענטשן, און דער דריטער דער פּנים פון אַ לייב, און דער פירטער דער פּנים פון אַן אָדלער. 15 און די כרובים האָבן זיך אויפגעהויבן. דאָס איז געווען די חיה וואָס איך האָב געזען ביים טייך כבָר. 16 און אַז די כרובים זיינען געגאַנגען, זיינען געגאַנגען די רעדער לעבן זיי, און אַז די כרובים האָבן אויפגעשטעלט זייערע פליגלען זיך אויפצוהייבן פון דער ערד, האָבן אויך די רעדער זיך ניט אָפּגעדרייט פון לעבן זיי. 17 אַז יענע זיינען געשטאַנען, זיינען די געשטאַנען, און אַז יענע האָבן זיך אויפגעהויבן, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן מיט זיי, וואָרום דער גייסט פון דער חיה איז געווען אין זיי. 18 און די פּראַכט פון גאָט איז אַוועק פון דעם שוועל פון הויז, און האָט זיך געשטעלט אויף די כרובים. 19 און די כרובים האָבן אויפגעשטעלט זייערע פליגלען, און האָבן זיך

[א] ראָד אָדער ראָדווערק.

אויפגעהויבן פון דער ערד פאַר מיינע אויגן ביי זייער אַרויסגיין, און די רעדער באַגלייך מיט זיי; און זיי האָבן זיך געשטעלט ביים אַיינגאַנג פון מזרח־טויער פון גאָטס הויז; און די פראַכט פון דעם גאָט פון ישׂראל איז געווען איבער זיי פון אויבן. [20] דאָס איז די חיה וואָס איך האָב געזען אונטער דעם גאָט פון ישׂראל, ביים טייך כּבָר; און איך האָב דערקענט אַז דאָס זיינען כּרובים. [21] צו פיר, צו פיר פּנימער זיינען ביי איטלעכן געווען, און פיר פליגלען ביי איטלעכן, און די געשטאַלט פון הענט פון אַ מענטשן אונטער זייערע פליגלען. [22] און די געשטאַלט פון זייערע פּנימער: דאָס זיינען געווען די פּנימער וואָס איך האָב געזען ביים טייך כּבָר, זייער אויסזען און זיי גופא. איטלעכער צו דער זייט פון זיין פּנים זיינען זיי געגאַנגען.

**יא** [1] און אַ ווינט האָט מיך אויפגעהויבן, און האָט מיך געבראַכט צו דעם מזרח־טויער פון גאָטס הויז וואָס איז געקערט צו מזרח; ערשט אין דעם אַיינגאַנג פון טויער זיינען פינף און צוואַנציק מאַן; און איך האָב געזען צווישן זיי יַאֲזַנְיָה דעם זון פון עַזּורן, און פְּלַטְיָהו דעם זון פון בְּנָיָהון, די האַרן פון פאָלק. [2] און ער האָט צו מיר געזאָגט:

מענטשנקינד, דאָס זיינען די מענער וואָס טראַכטן אומרעכט,
און עצהן בייזע עצות אין דערדאָזיקער שטאָט;
[3] וואָס זאָגן: ניט אַזוי באַלד!
מע וועט נאָך בויען הייזער!
זי איז דער טאָפּ,
און מיר זיינען דאָס פלייש.
[4] דרום זאָג נביאות אויף זיי,
זאָג נביאות, דו מענטשנקינד.

[5] און דער גייסט פון גאָט איז געפאַלן אויף מיר, און ער האָט צו מיר געזאָגט:
זאָג: אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אַזוי האָט איר געזאָגט, הויז פון ישׂראל,
און וואָס אַייך קומט אויפן זינען דאָס ווייס איך.
[6] איר האָט געמערט אַייערע דערשלאָגענע
אין דערדאָזיקער שטאָט,
און אָנגעפילט אירע גאַסן מיט דערשלאָגענע.
[7] דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
אַייערע דערשלאָגענע וואָס איר האָט אַוועקגעלייגט אין איר,
זיי זיינען דאָס פלייש, און זי איז דער טאָפּ,
אָבער אַייך וועט מען אַרויסציען פון איר.
[8] פאַר דער שווערד האָט איר מורא געהאַט,
און אַ שווערד וועל איך ברענגען אויף אַייך,
זאָגט גאָט דער האַר.
[9] און איך וועל אַייך אַרויסציען פון איר מיט,
און וועל אַייך געבן אין דער האַנט פון פרעמדע,
און וועל טאָן אויף אַייך אַ משפּט.
[10] דורך דער שווערד וועט איר פאַלן;
אויפן געמאַרק פון ישׂראל וועל איך אַייך משפּטן;
און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה.
[11] זי וועט אַייך ניט זיין צום טאָפּ,
אָבער איר וועט זיין אין איר צו פלייש;
ביים געמאַרק פון ישׂראל וועל איך אַייך משפּטן.
[12] און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה,
וואָס אין מיינע חוקים זייט איר ניט געגאַנגען,
און מיינע געזעצן האָט איר ניט געטאָן,

מִן־הָאָרֶץ לְעֵינַי בְּצֵאתָם וְהָאוֹפַנִּים לְעֻמָּתָם וַיַּעֲמֹד
פֶּתַח שַׁעַר בֵּית־יְהוָה הַקַּדְמוֹנִי וּכְבוֹד אֱלֹהֵי־יִשְׂרָאֵל
כ עֲלֵיהֶם מִלְמָעְלָה׃ הִיא הַחַיָּה אֲשֶׁר רָאִיתִי תַּחַת אֱלֹהֵי־
כא יִשְׂרָאֵל בִּנְהַר כְּבָר וָאֵדַע כִּי כְרוּבִים הֵמָּה׃ אַרְבָּעָה
אַרְבָּעָה פָנִים לְאֶחָד וְאַרְבַּע כְּנָפַיִם לְאֶחָד וּדְמוּת יְדֵי
כב אָדָם תַּחַת כַּנְפֵיהֶם׃ וּדְמוּת פְּנֵיהֶם הֵמָּה הַפָּנִים אֲשֶׁר
רָאִיתִי עַל־נְהַר כְּבָר מַרְאֵיהֶם וְאוֹתָם אִישׁ אֶל־עֵבֶר
פָּנָיו יֵלֵכוּ׃

יא

א וַתִּשָּׂא אֹתִי רוּחַ וַתָּבֵא אֹתִי אֶל־שַׁעַר בֵּית־יְהוָה הַקַּדְמוֹנִי
הַפּוֹנֶה קָדִימָה וְהִנֵּה בְּפֶתַח הַשַּׁעַר עֶשְׂרִים וַחֲמִשָּׁה אִישׁ
וָאֶרְאֶה בְתוֹכָם אֶת־יַאֲזַנְיָה בֶן־עַזֻּר וְאֶת־פְּלַטְיָהוּ בֶן־
ב בְּנָיָהוּ שָׂרֵי הָעָם׃ וַיֹּאמֶר אֵלָי בֶּן־אָדָם אֵלֶּה
הָאֲנָשִׁים הַחֹשְׁבִים אָוֶן וְהַיֹּעֲצִים עֲצַת־רָע בָּעִיר הַזֹּאת׃
ג הָאֹמְרִים לֹא בְקָרוֹב בְּנוֹת בָּתִּים הִיא הַסִּיר וַאֲנַחְנוּ
ד ה הַבָּשָׂר׃ לָכֵן הִנָּבֵא עֲלֵיהֶם הִנָּבֵא בֶּן־אָדָם׃ וַתִּפֹּל עָלַי
רוּחַ יְהוָה וַיֹּאמֶר אֵלַי אֱמֹר כֹּה־אָמַר יְהוָה כֵּן אֲמַרְתֶּם
ו בֵּית יִשְׂרָאֵל וּמַעֲלוֹת רוּחֲכֶם אֲנִי יְדַעְתִּיהָ׃ הִרְבֵּיתֶם
ז חַלְלֵיכֶם בָּעִיר הַזֹּאת וּמִלֵּאתֶם חוּצֹתֶיהָ חָלָל׃ לָכֵן כֹּה־
אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה חַלְלֵיכֶם אֲשֶׁר שַׂמְתֶּם בְּתוֹכָהּ הֵמָּה
ח הַבָּשָׂר וְהִיא הַסִּיר וְאֶתְכֶם הוֹצִיא מִתּוֹכָהּ׃ חֶרֶב יְרֵאתֶם
ט וְחֶרֶב אָבִיא עֲלֵיכֶם נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה׃ וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם
מִתּוֹכָהּ וְנָתַתִּי אֶתְכֶם בְּיַד־זָרִים וְעָשִׂיתִי בָכֶם שְׁפָטִים׃
י בַּחֶרֶב תִּפֹּלוּ עַל־גְּבוּל יִשְׂרָאֵל אֶשְׁפּוֹט אֶתְכֶם וִידַעְתֶּם
יא כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ הִיא לֹא־תִהְיֶה לָכֶם לְסִיר וְאַתֶּם תִּהְיוּ
יב בְתוֹכָהּ לְבָשָׂר אֶל־גְּבוּל יִשְׂרָאֵל אֶשְׁפֹּט אֶתְכֶם׃ וִידַעְתֶּם
כִּי־אֲנִי יְהוָה אֲשֶׁר בְּחֻקַּי לֹא הֲלַכְתֶּם וּמִשְׁפָּטַי לֹא

יא, ו׳ למדנחאי ומלאתם   ז׳ סבירין אוציא

עֲשִׂיתֶם וּכְמִשְׁפְּטֵי הַגּוֹיִם אֲשֶׁר סְבִיבוֹתֵיכֶם עֲשִׂיתֶם׃ וַיְהִי
יג כְּהִנָּבְאִי וּפְלַטְיָהוּ בֶן־בְּנָיָה מֵת וָאֶפֹּל עַל־פָּנַי וָאֶזְעַק קוֹל־
גָּדוֹל וָאֹמַר אֲהָהּ אֲדֹנָי יֱהוִה כָּלָה אַתָּה עֹשֶׂה אֵת שְׁאֵרִית
יד יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם
טו אַחֶיךָ אַחֶיךָ אַנְשֵׁי גְאֻלָּתֶךָ וְכָל־בֵּית יִשְׂרָאֵל כֻּלֹּה אֲשֶׁר
אָמְרוּ לָהֶם יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִַם רַחֲקוּ מֵעַל יְהוָה לָנוּ הִיא
טז נִתְּנָה הָאָרֶץ לְמוֹרָשָׁה׃ לָכֵן אֱמֹר כֹּה אָמַר אֲדֹנָי
יֱהוִה כִּי הִרְחַקְתִּים בַּגּוֹיִם וְכִי הֲפִיצוֹתִים בָּאֲרָצוֹת וָאֱהִי
יז לָהֶם לְמִקְדָּשׁ מְעַט בָּאֲרָצוֹת אֲשֶׁר־בָּאוּ שָׁם׃ לָכֵן
אֱמֹר כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה וְקִבַּצְתִּי אֶתְכֶם מִן־הָעַמִּים
וְאָסַפְתִּי אֶתְכֶם מִן־הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר נְפֹצוֹתֶם בָּהֶם וְנָתַתִּי
יח לָכֶם אֶת־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל׃ וּבָאוּ־שָׁמָּה וְהֵסִירוּ אֶת־
יט כָּל־שִׁקּוּצֶיהָ וְאֶת־כָּל־תּוֹעֲבוֹתֶיהָ מִמֶּנָּה׃ וְנָתַתִּי לָהֶם
לֵב אֶחָד וְרוּחַ חֲדָשָׁה אֶתֵּן בְּקִרְבְּכֶם וַהֲסִרֹתִי לֵב הָאֶבֶן
כ מִבְּשָׂרָם וְנָתַתִּי לָהֶם לֵב בָּשָׂר׃ לְמַעַן בְּחֻקֹּתַי יֵלֵכוּ וְאֶת־
מִשְׁפָּטַי יִשְׁמְרוּ וְעָשׂוּ אֹתָם וְהָיוּ־לִי לְעָם וַאֲנִי אֶהְיֶה לָהֶם
כא לֵאלֹהִים׃ וְאֶל־לֵב שִׁקּוּצֵיהֶם וְתוֹעֲבוֹתֵיהֶם לִבָּם הֹלֵךְ
כב דַּרְכָּם בְּרֹאשָׁם נָתַתִּי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃ וַיִּשְׂאוּ הַכְּרוּבִים
אֶת־כַּנְפֵיהֶם וְהָאוֹפַנִּים לְעֻמָּתָם וּכְבוֹד אֱלֹהֵי־יִשְׂרָאֵל
כג עֲלֵיהֶם מִלְמָעְלָה׃ וַיַּעַל כְּבוֹד יְהוָה מֵעַל תּוֹךְ הָעִיר וַיַּעֲמֹד
כד עַל־הָהָר אֲשֶׁר מִקֶּדֶם לָעִיר׃ וְרוּחַ נְשָׂאַתְנִי וַתְּבִיאֵנִי
כַשְׂדִּימָה אֶל־הַגּוֹלָה בַּמַּרְאֶה בְּרוּחַ אֱלֹהִים וַיַּעַל מֵעָלַי
כה הַמַּרְאֶה אֲשֶׁר רָאִיתִי׃ וָאֲדַבֵּר אֶל־הַגּוֹלָה אֵת כָּל־דִּבְרֵי
יְהוָה אֲשֶׁר הֶרְאָנִי׃

יב

א ב וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם בְּתוֹךְ בֵּית־הַמֶּרִי
אַתָּה יֹשֵׁב אֲשֶׁר עֵינַיִם לָהֶם לִרְאוֹת וְלֹא רָאוּ אָזְנַיִם לָהֶם

יא, יח׳ כצ״ל   יט׳ כצ״ל ובספרים נקדתם

נייערט אַזוי ווי די געזעצן פון די פעלקער
וואָס רונד־אַרום אײַך האָט איר געטאָן.

13 און עס איז געווען, ווי איך האָב נביאות געזאָגט, אַזוי איז פְּלַטְיָה דער זון פון בְּנָיָהון געשטאָרבן; בין איך געפאַלן אויף מיין פנים, און איך האָב געשריען אויף אַ הויכן קול, און האָב געזאָגט: ווי, גאָט דו האַר, ווילסטו אַ פאַרלענדונג מאַכן פון דעם איבערבלייב פון ישראל?
14 איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
15 מענטשנקינד, דיינע ברידער, דיינע ברידער,
די מענטשן פון דיין קרובֿהשאַפט,
און דאָס גאַנצע הויז פון ישראל אין גאַנצן,
וואָס די באַוווינער פון ירושלַיִם האָבן צו זיי געזאָגט:
זייט דערווייטערט פון גאָט!
דאָס איז אונדז דאָס לאַנד געגעבן געוואָרן פאַר אַ ירושה—
16 דרום זאָג: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
הגם איך האָב זיי דערווייטערט צווישן די פעלקער,
און הגם איך האָב זיי צעשפּרייט אין די לענדער,
בין איך זיי אָבער פאַר אַ קליין הייליקטום
אין די לענדער וואָס זיי זיינען געקומען אַהין.
17 דרום זאָג: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
יאָ, איך וועל אײַך אײַנזאַמלען פון די אומות,
און וועל אײַך צונויפקלייבן פון די לענדער
וואָס איר זייט צעשפּרייט געוואָרן אין זיי,
און איך וועל אײַך געבן די ערד פון ישראל.
18 און זיי וועלן קומען אַהין,
און וועלן אָפּטאָן אַלע אירע מיאוסקייטן
און אַלע אירע אומווערדיקייטן פון איר.
19 און איך וועל זיי געבן איין האַרץ,
און אַ ניי געמיט וועל איך אַרײַנגעבן אין אײַך;
און איך וועל אָפּטאָן דאָס האַרץ פון שטיין פון זייער לייב,
און וועל זיי געבן אַ האַרץ פון פלייש;
20 כדי זיי זאָלן גיין אין מיינע חוקים,
און מיינע געזעצן זאָלן זיי היטן און זיי טאָן;
און זיי וועלן מיר זיין צום פאָלק,
און איך וועל זיי זיין צום גאָט.
21 און די וואָס זייער האַרץ גייט נאָך דעם האַרצן
פון זייערע מיאוסקייטן און זייערע אומווערדיקייטן,
וועל איך זייער וועג אויף זייער קאָפּ פאַרגעלטן,
זאָגט גאָט דער האַר.

22 און די כרובים האָבן אויפגעהויבן זייערע פליגלען, און די רעדער באַגלייך מיט זיי; און די פּראַכט פון דעם גאָט פון ישראל איז געווען איבער זיי פון אויבן. 23 און די פּראַכט פון גאָט האָט זיך אויפגעהויבן פון איבערן מיטן שטאָט, און האָט זיך געשטעלט אויף דעם באַרג וואָס אין מזרח פון שטאָט. 24 און אַ ווינט האָט מיך אויפגעהויבן, און האָט מיך געבראַכט קיין כַּשׂדים צו די פאַרטריבענע, אין אַ זעאונג, מיט דעם גייסט פון גאָט. און די זעאונג וואָס איך האָב געזען, האָט זיך אויפגעהויבן פון מיר. 25 און איך האָב גערעדט צו די פאַרטריבענע אַלע ווערטער פון גאָט וואָס ער האָט מיר באַוויזן.

## יב

1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
2 מענטשנקינד, צווישן אַ ווידערשפּעניקן געזינדל זיצסטו,
וואָס האָבן אויגן צו זען, און זעען ניט,

ג לִשְׁמֹעַ וְלֹא שָׁמֵעוּ כִּי בֵּית מְרִי הֵם׃ וְאַתָּה בֶן
אָדָם עֲשֵׂה לְךָ כְּלֵי גוֹלָה וּגְלֵה יוֹמָם לְעֵינֵיהֶם וְגָלִיתָ
מִמְּקוֹמְךָ אֶל־מָקוֹם אַחֵר לְעֵינֵיהֶם אוּלַי יִרְאוּ כִּי בֵּית
ד מְרִי הֵמָּה׃ וְהוֹצֵאתָ כֵלֶיךָ כִּכְלֵי גוֹלָה יוֹמָם לְעֵינֵיהֶם
ה וְאַתָּה תֵּצֵא בָעֶרֶב לְעֵינֵיהֶם כְּמוֹצָאֵי גּוֹלָה׃ לְעֵינֵיהֶם
ו חֲתָר־לְךָ בַקִּיר וְהוֹצֵאתָ בּוֹ׃ לְעֵינֵיהֶם עַל־כָּתֵף תִּשָּׂא
בָּעֲלָטָה תוֹצִיא פָּנֶיךָ תְכַסֶּה וְלֹא תִרְאֶה אֶת־הָאָרֶץ כִּי־
ז מוֹפֵת נְתַתִּיךָ לְבֵית יִשְׂרָאֵל׃ וָאַעַשׂ כֵּן כַּאֲשֶׁר צֻוֵּיתִי כֵּלַי
הוֹצֵאתִי כִּכְלֵי גוֹלָה יוֹמָם וּבָעֶרֶב חָתַרְתִּי־לִי בַקִּיר בְּיָד
ח בָּעֲלָטָה הוֹצֵאתִי עַל־כָּתֵף נָשָׂאתִי לְעֵינֵיהֶם׃ וַיְהִי
ט דְבַר־יְהוָה אֵלַי בַּבֹּקֶר לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם הֲלֹא אָמְרוּ אֵלֶיךָ
י בֵּית יִשְׂרָאֵל בֵּית הַמֶּרִי מָה אַתָּה עֹשֶׂה׃ אֱמֹר אֲלֵיהֶם
כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה הַנָּשִׂיא הַמַּשָּׂא הַזֶּה בִּירוּשָׁלַםִ
יא וְכָל־בֵּית יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־הֵמָּה בְתוֹכָם׃ אֱמֹר אֲנִי מוֹפֶתְכֶם
כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתִי כֵּן יֵעָשֶׂה לָהֶם בַּגּוֹלָה בַשְּׁבִי יֵלֵכוּ׃
יב וְהַנָּשִׂיא אֲשֶׁר־בְּתוֹכָם אֶל־כָּתֵף יִשָּׂא בָּעֲלָטָה וְיֵצֵא בַּקִּיר
יַחְתְּרוּ לְהוֹצִיא בוֹ פָּנָיו יְכַסֶּה יַעַן אֲשֶׁר לֹא־יִרְאֶה לַעַיִן
יג הוּא אֶת־הָאָרֶץ׃ וּפָרַשְׂתִּי אֶת־רִשְׁתִּי עָלָיו וְנִתְפַּשׂ
בִּמְצוּדָתִי וְהֵבֵאתִי אֹתוֹ בָבֶלָה אֶרֶץ כַּשְׂדִּים וְאוֹתָהּ לֹא־
יד יִרְאֶה וְשָׁם יָמוּת׃ וְכֹל אֲשֶׁר סְבִיבֹתָיו עֶזְרֹה וְכָל־אֲגַפָּיו
טו אֱזָרֶה לְכָל־רוּחַ וְחֶרֶב אָרִיק אַחֲרֵיהֶם׃ וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי
יְהוָה בַּהֲפִיצִי אוֹתָם בַּגּוֹיִם וְזֵרִיתִי אוֹתָם בָּאֲרָצוֹת׃
טז וְהוֹתַרְתִּי מֵהֶם אַנְשֵׁי מִסְפָּר מֵחֶרֶב מֵרָעָב וּמִדָּבֶר לְמַעַן
יְסַפְּרוּ אֶת־כָּל־תּוֹעֲבוֹתֵיהֶם בַּגּוֹיִם אֲשֶׁר־בָּאוּ שָׁם וְיָדְעוּ
יז יח כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־
אָדָם לַחְמְךָ בְּרַעַשׁ תֹּאכֵל וּמֵימֶיךָ בְּרָגְזָה וּבִדְאָגָה תִּשְׁתֶּה׃
יט וְאָמַרְתָּ אֶל־עַם הָאָרֶץ כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה לְיוֹשְׁבֵי

יב׳ הלי׳ קמצה    יד׳ עזרו קרי

וואָס האָבן אויערן צו הערן, און הערן ניט,
ווייל אַ ווידערשפּעניק געזינדל זיינען זיי.
3 און דו מענטשנקינד, מאַך דיר וואַנדער־כּלים,
און וואַנדער אויס ביי טאָג פאַר זייערע אויגן;
און זאָלסט וואַנדערן פון דיין אָרט
צו אַן אַנדער אָרט פאַר זייערע אויגן;
אפשר וועלן זיי אײַנזען
אַז אַ ווידערשפּעניק געזינדל זיינען זיי.
4 און זאָלסט אַרויסטראָגן דיינע כּלים
אַזוי ווי וואַנדער־כּלים ביי טאָג פאַר זייערע אויגן;
און דו זאָלסט אַרויסגיין אין אָוונט פאַר זייערע אויגן,
אַזוי ווי מע גייט אַרויס אין גלות.
5 פאַר זייערע אויגן גראָב דיר דורך די וואַנט,
און טראָג אַרויס דורך איר.
6 פאַר זייערע אויגן זאָלסטו אויפן אַקסל טראָגן,
אין שטאָקפינצטערניש זאָלסטו אַרויסטראָגן;
דיין פּנים זאָלסטו פאַרדעקן, און ניט אָנקוקן דאָס
לאַנד;
וואָרום אַ צייכן האָב איך דיך געמאַכט
פאַר דעם הויז פון ישׂראל.

7 און איך האָב געטאָן אַזוי ווי איך בין באַפוילן געוואָרן: מיינע כּלים האָב איך אַרויסגעטראָגן אַזוי ווי וואַנדער־כּלים ביי טאָג, און אין אָוונט האָב איך מיר דורכגעגראָבן די וואַנט מיט דער האַנט; אין שטאָקפינצטערניש האָב איך אַרויסגעטראָגן; אויפן אַקסל האָב איך געטראָגן פאַר זייערע אויגן.

8 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אין דער פרי, אַזוי צו זאָגן:

9 מענטשנקינד, האָבן ניט געזאָגט צו דיר דאָס הויז פון
ישׂראל,
דאָס ווידערשפּעניקע געזינדל: וואָס טוסטו?
10 זאָג צו זיי: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
דידאָזיקע נבואה איז אויף דעם פירשט[א] אין ירושָלַיִם,
און אויף דעם גאַנצן הויז פון ישׂראל
וואָס זיי זיינען צווישן זיי.
11 זאָג: איך בין אַייער צייכן;
ווי איך האָב געטאָן, אַזוי וועט געטאָן ווערן צו זיי:
אין גלות, אין געפאַנגענשאַפט וועלן זיי גיין.
12 און דער פירשט וואָס צווישן זיי
וועט אויפן אַקסל טראָגן,
און אין שטאָקפינצטערניש וועט ער אַרויסגיין;
די וואַנט וועט מען דורכגראָבן
אים אַרויסצופירן דורך איר;
זיין פּנים וועט ער פאַרדעקן,
כּדי ער זאָל ניט אָנקוקן מיטן אויג דאָס לאַנד.
13 און איך וועל אויסשפּרייטן מיין נעץ אויף אים,
און ער וועט געפאַנגען ווערן אין מיין פאַסטקע;
און איך וועל אים ברענגען קיין בָּבל
אין לאַנד פון די כַּשׂדים,
אָבער ער וועט עס ניט אָנקוקן,
הגם דאָרט וועט ער שטאַרבן.
14 און אַלע וואָס רונד אַרום אים,
זיינע העלפער, און אַלע זיינע מחנות,
וועל איך צעשפּרייטן אויף אַלע ווינטן,
און אַ שווערד וועל איך אַרויסציען הינטער זיי.
15 און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה,
ווען איך צעוואַרף זיי צווישן די פעלקער,
און וועל זיי צעשפּרייטן אין די לענדער.
16 נאָר געציילטע מענטשן פון זיי וועל איך איבערלאָזן
פון שווערד, פון הונגער, און פון פּעסט,
כּדי זיי זאָלן דערציילן אַלע זייערע אומווערדיקייטן
צווישן די פעלקער וואָס זיי זיינען געקומען אַהין;
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה.

17 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:

18 מענטשנקינד, דיין ברויט זאָלסטו מיט ציטערניש עסן,
און דיין וואַסער זאָלסטו מיט אומרו און מיט זאָרג טרינקען.
19 און זאָלסט זאָגן צו דעם פאָלק פון לאַנד:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר

[א] וואָרטשפּיל: הַנָּשִׂיא הַמַּשָּׂא.

יְרוּשָׁלַ͏ִם אֶל־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל לַחְמָם בִּדְאָגָה יֹאכֵלוּ
וּמֵימֵיהֶם בְּשִׁמָּמוֹן יִשְׁתּוּ לְמַעַן תֵּשַׁם אַרְצָהּ מִמְּלֹאָהּ
מֵחֲמַס כָּל־הַיֹּשְׁבִים בָּהּ׃ וְהֶעָרִים הַנּוֹשָׁבוֹת תֶּחֱרַבְנָה כ
וְהָאָרֶץ שְׁמָמָה תִהְיֶה וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ וַיְהִי כא
דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם מָה־הַמָּשָׁל הַזֶּה לָכֶם כב
עַל־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר יַאַרְכוּ הַיָּמִים וְאָבַד כָּל־חָזוֹן׃
לָכֵן אֱמֹר אֲלֵיהֶם כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה הִשְׁבַּתִּי אֶת־ כג
הַמָּשָׁל הַזֶּה וְלֹא־יִמְשְׁלוּ אֹתוֹ עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל כִּי אִם־דַּבֵּר
אֲלֵיהֶם קָרְבוּ הַיָּמִים וּדְבַר כָּל־חָזוֹן׃ כִּי לֹא יִהְיֶה עוֹד כד
כָּל־חֲזוֹן שָׁוְא וּמִקְסַם חָלָק בְּתוֹךְ בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ כִּי׀ אֲנִי כה
יְהוָה אֲדַבֵּר אֵת אֲשֶׁר אֲדַבֵּר דָּבָר וְיֵעָשֶׂה לֹא תִמָּשֵׁךְ
עוֹד כִּי בִימֵיכֶם בֵּית הַמֶּרִי אֲדַבֵּר דָּבָר וַעֲשִׂיתִיו נְאֻם
אֲדֹנָי יֱהוִה׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם כו כז
הִנֵּה בֵית־יִשְׂרָאֵל אֹמְרִים הֶחָזוֹן אֲשֶׁר־הוּא חֹזֶה לְיָמִים
רַבִּים וּלְעִתִּים רְחוֹקוֹת הוּא נִבָּא׃ לָכֵן אֱמֹר אֲלֵיהֶם כֹּה כח
אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה לֹא־תִמָּשֵׁךְ עוֹד כָּל־דְּבָרָי אֲשֶׁר אֲדַבֵּר
דָּבָר וְיֵעָשֶׂה נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃

## יג

וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם הִנָּבֵא אֶל־נְבִיאֵי א ב
יִשְׂרָאֵל הַנִּבָּאִים וְאָמַרְתָּ לִנְבִיאֵי מִלִּבָּם שִׁמְעוּ דְּבַר־
יְהוָה׃ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה הוֹי עַל־הַנְּבִיאִים הַנְּבָלִים ג
אֲשֶׁר הֹלְכִים אַחַר רוּחָם וּלְבִלְתִּי רָאוּ׃ כְּשֻׁעָלִים בֳּחֳרָבוֹת ד
נְבִיאֶיךָ יִשְׂרָאֵל הָיוּ׃ לֹא עֲלִיתֶם בַּפְּרָצוֹת וַתִּגְדְּרוּ גָדֵר ה
עַל־בֵּית יִשְׂרָאֵל לַעֲמֹד בַּמִּלְחָמָה בְּיוֹם יְהוָה׃ חָזוּ שָׁוְא ו
וְקֶסֶם כָּזָב הָאֹמְרִים נְאֻם־יְהוָה וַיהוָה לֹא שְׁלָחָם וְיִחֲלוּ
לְקַיֵּם דָּבָר׃ הֲלוֹא מַחֲזֵה־שָׁוְא חֲזִיתֶם וּמִקְסַם כָּזָב ז
אֲמַרְתֶּם וְאֹמְרִים נְאֻם־יְהוָה וַאֲנִי לֹא דִבַּרְתִּי׃
לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה יַעַן דַּבֶּרְכֶם שָׁוְא וַחֲזִיתֶם כָּזָב ח

ווענן די באַוווינער פון ירושָלַיִם אויף דער ערד פון ישׂראל:
זייער ברויט וועלן זיי מיט זאָרג עסן,
און זייער וואַסער וועלן זיי מיט באַנומעניש טרינקען,
ווייל איר לאַנד וועט פאַרוויסט ווערן פון איר פולקייט,
פון ווענן דעם אומרעכט פון אַלע וואָס וווינען אין איר.
20 און די באַזעצטע שטעט וועלן חָרב ווערן,
און דאָס לאַנד וועט אַ וויסטעניש זיין;
און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה.

21 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
22 מענטשנקינד, וואָס איז דאָסדאָזיקע ווערטל ביי אַייך
אין לאַנד פון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן:
עס לענגערן זיך די טעג,
און צו נישט ווערט איטלעכע זעאונג?
23 דרום זאָג צו זיי: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
איך פאַרשטער דאָסדאָזיקע ווערטל,
און מע וועט עס מער ניט זאָגן אין ישׂראל.
נייערט רעד צו זיי: עס גענענען די טעג,
און די געשעאונג פון איטלעכער זעאונג.
24 וואָרום מער וועט ניט זיין קיין פאַלשע זעאונג
און גלאַטע וואָרזאָגעריי אין הויז פון ישׂראל.
25 נייערט איך יהוה וועל רעדן, וואָסער וואָרט איך וועל רעדן,
און עס וועט געשען; עס וועט זיך מער ניט פאַרציען.
וואָרום אין אַייערע טעג, איר ווידערשפעניק געזינדל,
וועל איך רעדן אַ וואָרט, און וועל עס טאָן,
זאָגט גאָט דער האַר.

26 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
27 מענטשנקינד, זע, דאָס הויז פון ישׂראל זאָגט:
די זעאונג וואָס ער זעט איז אויף פיל טעג אַרום,
און אויף ווייטע צייטן זאָגט ער נביאות.
28 דרום זאָג צו זיי: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
מער וועלן זיך ניט פאַרציען אַלע מיינע ווערטער;
אַז איך וועל רעדן אַ וואָרט, וועט עס געשען,
זאָגט גאָט דער האַר.

יג 1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
2 מענטשנקינד, זאָג נביאות
אויף די נביאים פון ישׂראל וואָס זאָגן נביאות,
און זאָלסט זאָגן צו די נביאים פון זייער אייגענעם האַרצן:
הערט דאָס וואָרט פון גאָט:
3 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
ווי צו די נביאים מנוּוָלים[א]
וואָס גייען נאָך זייער געמיט,
און נאָך וואָס זיי האָבן ניט געזען!—
4 אַזוי ווי פיקס אין חורבות
זיינען געווען דיינע נביאים, ישׂראל.
5 איר זייט אַרויפגעגאַנגען אין די בראָכן,
און פאַרצאַמט אַ צאַם אַרום דעם הויז פון ישׂראל,
צו באַשטיין אין מלחמה אין טאָג פון גאָט.
6 זיי האָבן געזען פאַלשקייט און וואָרזאָגעניש פון ליגן,
זיי וואָס זאָגן: גאָט האָט געזאָגט,
ווען גאָט האָט זיי ניט געשיקט;
און זיי האַרן ער זאָל מקיים זיין דאָס וואָרט!
7 האָט איר דען ניט אַ זעאונג פון ליגן געזען,
און פאַלשע וואָרזאָגעניש געזאָגט?
און איר זאָגט: גאָט האָט געזאָגט,
ווען איך האָב ניט גערעדט.
8 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
ווייל איר האָט גערעדט פאַלשקייט און געזען ליגן,

[א] וואָרטשפּיל: הַנְּבִיאִים הַנְּבָלִים.

דרום זעט, איך קום אויף אײַך,
זאָגט גאָט דער האַר.
9 און מײַן האַנט וועט זײַן אויף די נביאים
וואָס זעען פאַלשקייט און וואָרזאָגן ליגן;
אין דעם באַראָט פון מײַן פאָלק וועלן זיי ניט זײַן,
און אין דעם געשריפטס פון דעם הויז פון ישׂראל
וועלן זיי ניט פאַרשריבן ווערן,
און אויף דער ערד פון ישׂראל וועלן זיי ניט קומען;
און איר וועט וויסן אַז איך בין גאָט יהוה.
10 ווײַל און באַווײַל זיי האָבן פאַרפירט מײַן פאָלק,
אַזוי צו זאָגן: שלום! ווען קיין שלום איז ניטאָ;
און ער בויט אַ ווענטל,
און זיי־אָ באַשמירן עס מיט טינק;
11 זאָג צו די טינקשמירער אַז עס וועט אײַנפאַלן;
עס ווערט אַ רעגן אַ פלייציקער,
און איר, האָגלשטיינער, וועט פאַלן,
און אַ שטורעמווינט וועט אויסברעכן.
12 און אָט אַז די מויער פאַלט אײַן,
צי וועט ניט געזאָגט ווערן צו אײַך:
ווו איז דאָס געשמיר וואָס איר האָט אָנגעשמירט?
13 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
יאָ, איך וועל מאַכן אויסברעכן אַ שטורעמווינט
אין מײַן גרימצאָרן,
און אַ פלייציקער רעגן וועט זײַן אין מײַן כּעס,
און האָגלשטיינער אין גרימצאָרן, צו פאַרלענדן.
14 און איך וועל צעשטערן די מויער
וואָס איר האָט באַשמירט מיט טינק,
און וועל זי ברענגען צו דער ערד,
און איר גרונטפעסט וועט אַנטפּלעקט ווערן;
און זי וועט אײַנפאַלן,
און איר וועט פאַרלענדט ווערן דערין;
און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה.
15 און איך וועל אויסלאָזן מײַן גרימצאָרן אויף דער מויער,
און אויף די וואָס האָבן זי באַשמירט מיט טינק;
און איך וועל זאָגן צו אײַך:
ניטאָ די מויער, און ניטאָ די וואָס האָבן זי באַשמירט–
16 די נביאים פון ישׂראל וואָס זאָגן נביאות אויף ירושָׁלַיִם,
און זעען איר אַ זעאונג פון שלום,
ווען קיין שלום איז ניטאָ,
זאָגט גאָט דער האַר.
17 און דו מענטשנקינד, טו דײַן פּנים
צו די טעכטער פון דײַן פאָלק
וואָס זאָגן נביאות פון זייער אייגענעם האַרצן,
און זאָג נביאות אויף זיי,
18 און זאָלסט זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
וויי צו די וואָס נייען אָן קישעלעך אויף אַלע עלנבויגנס,
און מאַכן שלייערס אויפן קאָפּ פון איטלעכן וווקס,
כּדי נפשות צו פאַנגען!
די נפשות טוט איר פאַנגען בײַ מײַן פאָלק,
כּדי אײַך די נפשות בײַם לעבן צו דערהאַלטן.
19 און איר האָט מיך פאַרשוועכט בײַ מײַן פאָלק
פאַר הייפלעך גערשטן, און פאַר ברעקלעך ברויט,
צו מאַכן שטאַרבן נפשות וואָס דאַרפן ניט שטאַרבן,
און צו לאָזן לעבן נפשות וואָס דאַרפן ניט לעבן,
מיט וואָס איר זאָגט ליגן צו מײַן פאָלק,
די צוהערער פון ליגן.

20 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
זעט, איך נעם זיך צו אײַערע קישעלעך
וואָס איר פאַנגט דערמיט די נפשות ווי פויגלען,
און איך וועל זיי אַראָפּרייסן פון אײַערע אָרעמס,
און וועל אַוועקלאָזן די נפשות וואָס איר פאַנגט–
נפשות ווי פויגלען.
21 און איך וועל אַראָפּרייסן אײַערע שלייערס,

ט לָכֵן הִנְנִי אֲלֵיכֶם נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ וְהָיְתָה יָדִי אֶל־
הַנְּבִאִים הַחֹזִים שָׁוְא וְהַקֹּסְמִים כָּזָב בְּסוֹד עַמִּי לֹא־יִהְיוּ
וּבִכְתָב בֵּית־יִשְׂרָאֵל לֹא יִכָּתֵבוּ וְאֶל־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל לֹא
י יָבֹאוּ וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ יַעַן וּבְיַעַן הִטְעוּ אֶת־
עַמִּי לֵאמֹר שָׁלוֹם וְאֵין שָׁלוֹם וְהוּא בֹּנֶה חַיִץ וְהִנָּם טָחִים
יא אֹתוֹ תָּפֵל׃ אֱמֹר אֶל־טָחֵי תָפֵל וְיִפֹּל הָיָה ׀ גֶּשֶׁם שׁוֹטֵף
וְאַתֵּנָה אַבְנֵי אֶלְגָּבִישׁ תִּפֹּלְנָה וְרוּחַ סְעָרוֹת תְּבַקֵּעַ׃
יב וְהִנֵּה נָפַל הַקִּיר הֲלוֹא יֵאָמֵר אֲלֵיכֶם אַיֵּה הַטִּיחַ אֲשֶׁר
יג טַחְתֶּם׃ לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה וּבִקַּעְתִּי רוּחַ־
סְעָרוֹת בַּחֲמָתִי וְגֶשֶׁם שֹׁטֵף בְּאַפִּי יִהְיֶה וְאַבְנֵי אֶלְגָּבִישׁ
יד בְּחֵמָה לְכָלָה׃ וְהָרַסְתִּי אֶת־הַקִּיר אֲשֶׁר־טַחְתֶּם תָּפֵל
וְהִגַּעְתִּיהוּ אֶל־הָאָרֶץ וְנִגְלָה יְסֹדוֹ וְנָפְלָה וּכְלִיתֶם בְּתוֹכָהּ
טו וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהֹוָה׃ וְכִלֵּיתִי אֶת־חֲמָתִי בַּקִּיר וּבַטָּחִים
טז אֹתוֹ תָּפֵל וְאֹמַר לָכֶם אֵין הַקִּיר וְאֵין הַטָּחִים אֹתוֹ׃ נְבִיאֵי
יִשְׂרָאֵל הַנִּבְּאִים אֶל־יְרוּשָׁלִַם וְהַחֹזִים לָהּ חֲזוֹן שָׁלֹם
יז וְאֵין שָׁלֹם נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם שִׂים
פָּנֶיךָ אֶל־בְּנוֹת עַמְּךָ הַמִּתְנַבְּאוֹת מִלִּבְּהֶן וְהִנָּבֵא עֲלֵיהֶן׃
יח וְאָמַרְתָּ כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי יֱהֹוִה הוֹי לִמְתַפְּרוֹת כְּסָתוֹת
עַל ׀ כָּל־אַצִּילֵי יָדַי וְעֹשׂוֹת הַמִּסְפָּחוֹת עַל־רֹאשׁ כָּל־
קוֹמָה לְצוֹדֵד נְפָשׁוֹת הַנְּפָשׁוֹת תְּצוֹדֵדְנָה לְעַמִּי וּנְפָשׁוֹת
יט לָכֶנָה תְחַיֶּינָה׃ וַתְּחַלֶּלְנָה אֹתִי אֶל־עַמִּי בְּשַׁעֲלֵי שְׂעֹרִים
וּבִפְתוֹתֵי לֶחֶם לְהָמִית נְפָשׁוֹת אֲשֶׁר לֹא־תְמוּתֶנָה וּלְחַיּוֹת
נְפָשׁוֹת אֲשֶׁר לֹא־תִחְיֶינָה בְּכַזֶּבְכֶם לְעַמִּי שֹׁמְעֵי כָזָב׃
כ לָכֵן כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי יֱהֹוִה הִנְנִי אֶל־כִּסְּתוֹתֵיכֶנָה
אֲשֶׁר אַתֵּנָה מְצֹדְדוֹת שָׁם אֶת־הַנְּפָשׁוֹת לְפֹרְחוֹת וְקָרַעְתִּי
אֹתָם מֵעַל זְרוֹעֹתֵיכֶם וְשִׁלַּחְתִּי אֶת־הַנְּפָשׁוֹת אֲשֶׁר אַתֶּם
כא מְצֹדְדוֹת אֶת־נְפָשִׁים לְפֹרְחֹת׃ וְקָרַעְתִּי אֶת־מִסְפְּחֹתֵיכֶם

ט׳ קמץ בסמך

וְהִצַּלְתִּי אֶת־עַמִּי מִיֶּדְכֶן וְלֹא־יִהְיוּ עוֹד בְּיֶדְכֶן לִמְצוּדָה
כב וִידַעְתֶּן כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ יַעַן הַכְאוֹת לֵב־צַדִּיק שֶׁקֶר וַאֲנִי לֹא
הִכְאַבְתִּיו וּלְחַזֵּק יְדֵי רָשָׁע לְבִלְתִּי־שׁוּב מִדַּרְכּוֹ הָרָע
כג לְהַחֲיֹתוֹ׃ לָכֵן שָׁוְא לֹא תֶחֱזֶינָה וְקֶסֶם לֹא־תִקְסַמְנָה עוֹד
וְהִצַּלְתִּי אֶת־עַמִּי מִיֶּדְכֶן וִידַעְתֶּן כִּי־אֲנִי יְהוָה׃

יד

א וַיָּבוֹא אֵלַי אֲנָשִׁים מִזִּקְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֵּשְׁבוּ לְפָנָי׃ וַיְהִי
ב
ג דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה הֶעֱלוּ
גִלּוּלֵיהֶם עַל־לִבָּם וּמִכְשׁוֹל עֲוֺנָם נָתְנוּ נֹכַח פְּנֵיהֶם הַאִדָּרֹשׁ
ד אִדָּרֵשׁ לָהֶם׃ לָכֵן דַּבֵּר־אוֹתָם וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם
כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי יְהוִה אִישׁ אִישׁ מִבֵּית יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר
יַעֲלֶה אֶת־גִּלּוּלָיו אֶל־לִבּוֹ וּמִכְשׁוֹל עֲוֺנוֹ יָשִׂים נֹכַח פָּנָיו
וּבָא אֶל־הַנָּבִיא אֲנִי יְהוָה נַעֲנֵיתִי לוֹ בָה בְּרֹב גִּלּוּלָיו׃
ה לְמַעַן תְּפֹשׂ אֶת־בֵּית־יִשְׂרָאֵל בְּלִבָּם אֲשֶׁר נָזֹרוּ מֵעָלַי
ו בְּגִלּוּלֵיהֶם כֻּלָּם׃ לָכֵן אֱמֹר ׀ אֶל־בֵּית יִשְׂרָאֵל
כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה שׁוּבוּ וְהָשִׁיבוּ מֵעַל גִּלּוּלֵיכֶם וּמֵעַל
ז כָּל־תּוֹעֲבֹתֵיכֶם הָשִׁיבוּ פְנֵיכֶם׃ כִּי אִישׁ אִישׁ מִבֵּית
יִשְׂרָאֵל וּמֵהַגֵּר אֲשֶׁר־יָגוּר בְּיִשְׂרָאֵל וְיִנָּזֵר מֵאַחֲרַי וְיַעַל
גִּלּוּלָיו אֶל־לִבּוֹ וּמִכְשׁוֹל עֲוֺנוֹ יָשִׂים נֹכַח פָּנָיו וּבָא אֶל־
ח הַנָּבִיא לִדְרָשׁ־לוֹ בִי אֲנִי יְהוָה נַעֲנֶה־לּוֹ בִּי׃ וְנָתַתִּי פָנַי
בָּאִישׁ הַהוּא וַהֲשִׂמֹתִיהוּ לְאוֹת וְלִמְשָׁלִים וְהִכְרַתִּיו
ט מִתּוֹךְ עַמִּי וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ וְהַנָּבִיא כִי־יְפֻתֶּה
וְדִבֶּר דָּבָר אֲנִי יְהוָה פִּתֵּיתִי אֵת הַנָּבִיא הַהוּא וְנָטִיתִי אֶת־
י יָדִי עָלָיו וְהִשְׁמַדְתִּיו מִתּוֹךְ עַמִּי יִשְׂרָאֵל׃ וְנָשְׂאוּ עֲוֺנָם
יא כַּעֲוֺן הַדֹּרֵשׁ כַּעֲוֺן הַנָּבִיא יִהְיֶה׃ לְמַעַן לֹא־יִתְעוּ עוֹד בֵית־
יִשְׂרָאֵל מֵאַחֲרַי וְלֹא־יִטַּמְּאוּ עוֹד בְּכָל־פִּשְׁעֵיהֶם וְהָיוּ־לִי
לְעָם וַאֲנִי אֶהְיֶה לָהֶם לֵאלֹהִים נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה׃

---

יד, א׳ סבירין ויבאו ד׳ בא קרי

אוּן וועל מציל זיין מיין פאָלק פוּן אַייער האַנט,
אוּן זיי וועלן מער ניט זיין צוּם געפאַנג אין אַייער האַנט;
אוּן איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה.
22 ווייל איר האָט מיט ליגן באַטריבט דאָס האַרץ פוּן דעם צדיק,
ווען איך האָב אים ניט געוואָלט ווי טאָן,
אוּן איר האָט געשטאַרקט די הענט פוּן דעם רשע
זיך ניט אוּמצוּקערן פוּן זיין שלעכטן וועג,
אַז מע זאָל אים לאָזן לעבן,
23 דרוּם וועט איר מער פאַלשקייט ניט זען,
אוּן וואָרזאָגעניש ניט וואָרזאָגן;
אוּן איך וועל מציל זיין מיין פאָלק פוּן אַייער האַנט;
אוּן איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה.

**יד** 1 אוּן צוּ מיר זיינען געקוּמען מענער פוּן די עלטסטע פוּן ישׂראל, אוּן זיינען געזעסן פאַר מיר. 2 איז דאָס וואָרט פוּן גאָט געווען צוּ מיר אַזוי צוּ זאָגן:
3 מענטשנקינד, דידאָזיקע לייט האָבן אוּיפגעשטעלט
זייערע אָפּגעטער אין זייער האַרצן,
אוּן די שטרויכלוּנג צוּ זייער זינד
האַלטן זיי אַקעגן זייער פּנים;
זאָל איך פרעגן זיך לאָזן פרעגן פוּן זיי?
4 דרוּם רעד מיט זיי, אוּן זאָלסט זאָגן צוּ זיי:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
יעטוועדער מאַן פוּן דעם הויז פוּן ישׂראל
וואָס וועט אוּיפשטעלן זיינע אָפּגעטער אין זיין האַרצן,
אוּן די שטרויכלוּנג צוּ זיין זינד
וועט ער האַלטן אַקעגן זיין פּנים,
אוּן ער וועט קוּמען צוּם נביא,
וועל איך יהוה אים ענטפערן—
דעם וואָס קוּמט מיט זיינע פיל אָפּגעטער;
5 כּדי צוּ פאַרכאַפּן ביים האַרצן דאָס הויז פוּן ישׂראל,
וואָס האָבן זיך אָפּגעקערט פוּן מיר
דוּרך זייערע אָפּגעטער אַלע.

6 דרוּם זאָג צוּ דעם הויז פוּן ישׂראל:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
קערט צוּריק, אוּן קערט אייך אוּם פוּן אַייערע אָפּגעטער,
אוּן פוּן אַלע אַייערע אוּמווערדיקייטן קערט אָפּ אַייער פּנים.
7 וואָרוּם יעטוועדער מאַן פוּן דעם הויז פוּן ישׂראל,
אָדער פוּן דעם פרעמדן וואָס האַלט זיך אוּיף אין ישׂראל,
וואָס וועט זיך אָפּשיידן פוּן הינטער מיר,
אוּן וועט אוּיפשטעלן זיינע אָפּגעטער אין זיין האַרצן,
אוּן די שטרויכלוּנג צוּ זיין זינד
וועט ער האַלטן אַקעגן זיין פּנים,
אוּן ער וועט קוּמען צוּם נביא,
כּדי ער זאָל מיך פרעגן פוּן זיינעטוועגן,
וועל איך יהוה אַליין אים ענטפערן.
8 אוּן איך וועל קערן מיין פּנים אַקעגן יענעם מאַן,
אוּן וועל אים פאַרוויסטן,
פאַר אַ צייכן אוּן פאַר אַ שפּריכוואָרט,
אוּן וועל אים פאַרשניידן פוּן צווישן מיין פאָלק;
אוּן איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה.
9 אוּן אַז דער נביא וועט פאַרפירט ווערן,
אוּן וועט רעדן אַ וואָרט,
האָב איך יהוה דאָס פאַרפירט יענעם נביא,
אוּן איך וועל אוּיסשטרעקן מיין האַנט אוּיף אים,
אוּן וועל אים פאַרטיליקן פוּן צווישן מיין פאָלק ישׂראל.
10 אוּן זיי וועלן טראָגן זייער זינד;
אַזוי ווי די זינד פוּן דעם פרעגער,
אַזוי וועט זיין די זינד פוּן דעם נביא.
11 כּדי דאָס הויז פוּן ישׂראל
זאָלן מער ניט אָוועקבלאָנדזשען פוּן הינטער מיר,
אוּן זאָלן זיך מער ניט פאַראוּמריינִיקן
מיט אַלע זייערע פאַרברעכן;
אוּן זיי זאָלן מיר זיין צוּם פאָלק,
אוּן איך זאָל זיי זיין צוּם גאָט,
זאָגט גאָט דער האַר.

[12] און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:

[13] מענטשנקינד, ווען אַ לאַנד זאָל זינדיקן קעגן מיר
צו פעלשן אַ פעלשונג,
און איך זאָל אויסשטרעקן מיין האַנט אויף איר,
און איר צעברעכן דעם אונטערלען פון ברויט,
און אָנשיקן אויף איר אַ הונגער,
און פאַרשניידן פון איר מענטשן און בהמות,

[14] און דידאָזיקע דריי מענער זאָלן זיין אין איר:
נח, דניאל, און איוב,
וועלן זיי מיט זייער גערעכטיקייט
נאָר מציל זיין זייער נפש, זאָגט גאָט דער האַר.

[15] ווען אַ בייזע חיה זאָל איך מאַכן דורכגיין אין לאַנד,
און זי זאָל עס פון מענטשן באַרויבן,
און עס זאָל ווערן אַ וויסטעניש אָן אַ דורכגייער
פון וועגן דער חיה,

[16] מעגן דידאָזיקע דריי מענער זיין אין איר,
אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט דער האַר,
אויב זיי וועלן מציל זיין זין אָדער טעכטער!
זיי אַליין וועלן ניצול ווערן,
אָבער דאָס לאַנד וועט ווערן אַ וויסטעניש.

[17] אָדער ווען אַ שווערד זאָל איך ברענגען אויף יענעם
לאַנד,
און זאָגן: אַ שווערד זאָל דורכגיין אין לאַנד;
און איך זאָל פאַרשניידן פון איר מענטשן און בהמות,

[18] און דידאָזיקע דריי מענער זיינען אין איר,
אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט דער האַר,
זיי וועלן ניט מציל זיין זין און טעכטער;
בלויז זיי אַליין וועלן ניצול ווערן.

[19] אָדער ווען אַ פעסט זאָל איך שיקן אויף יענעם לאַנד,
און אויסגיסן מיין גרימצאָרן אויף איר מיט בלוט,
צו פאַרשניידן פון איר מענטשן און בהמות,

[20] און נח, דניאל, און איוב זיינען אין איר,
אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט דער האַר,
אויב זיי וועלן מציל זיין אַ זון אָדער אַ טאָכטער!
זיי וועלן מיט זייער גערעכטיקייט
נאָר מציל זיין זייער נפש.

[21] פאַרוואָר, אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
היינט ווי שוין אַז מיינע פיר בייזע שטראָפן,
שווערד, און הונגער, און אַ בייזע חיה, און פעסט,
האָב איך אָנגעשיקט אויף ירושלים,
צו פאַרשניידן פון איר מענטשן און בהמות!

[22] אָבער אָט איז געבליבן אַן אַנטרינונג אין איר,
די וואָס ווערן אַרויסגעפירט, זין און טעכטער;
אָט קומען זיי אַרויס צו אייך,
און איר וועט זען זייער וועג און זייערע מעשים,

יב וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם אֶרֶץ כִּי תֶחֱטָא־לִי
יג לִמְעָל־מַעַל וְנָטִיתִי יָדִי עָלֶיהָ וְשָׁבַרְתִּי לָהּ מַטֵּה־לָחֶם
יד וְהִשְׁלַחְתִּי־בָהּ רָעָב וְהִכְרַתִּי מִמֶּנָּה אָדָם וּבְהֵמָה׃ וְהָיוּ
שְׁלֹשֶׁת הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה בְּתוֹכָהּ נֹחַ דָּנִאֵל וְאִיּוֹב הֵמָּה
טו בְצִדְקָתָם יְנַצְּלוּ נַפְשָׁם נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה׃ לוּ־חַיָּה רָעָה
אַעֲבִיר בָּאָרֶץ וְשִׁכְּלָתָּה וְהָיְתָה שְׁמָמָה מִבְּלִי עוֹבֵר מִפְּנֵי
טז הַחַיָּה׃ שְׁלֹשֶׁת הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה בְּתוֹכָהּ חַי־אָנִי נְאֻם אֲדֹנָי
יְהוִה אִם־בָּנִים וְאִם־בָּנוֹת יַצִּילוּ הֵמָּה לְבַדָּם יִנָּצֵלוּ וְהָאָרֶץ
יז תִּהְיֶה שְׁמָמָה׃ אוֹ חֶרֶב אָבִיא עַל־הָאָרֶץ הַהִיא וְאָמַרְתִּי
יח חֶרֶב תַּעֲבֹר בָּאָרֶץ וְהִכְרַתִּי מִמֶּנָּה אָדָם וּבְהֵמָה׃ וּשְׁלֹשֶׁת
הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה בְּתוֹכָהּ חַי־אָנִי נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה לֹא יַצִּילוּ
יט בָּנִים וּבָנוֹת כִּי הֵם לְבַדָּם יִנָּצֵלוּ׃ אוֹ דֶּבֶר אֲשַׁלַּח אֶל־
הָאָרֶץ הַהִיא וְשָׁפַכְתִּי חֲמָתִי עָלֶיהָ בְּדָם לְהַכְרִית מִמֶּנָּה
כ אָדָם וּבְהֵמָה׃ וְנֹחַ דָּנִאֵל וְאִיּוֹב בְּתוֹכָהּ חַי־אָנִי נְאֻם
אֲדֹנָי יְהוִה אִם־בֵּן אִם־בַּת יַצִּילוּ הֵמָּה בְצִדְקָתָם יַצִּילוּ
כא נַפְשָׁם׃ כִּי כֹה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה אַף כִּי־אַרְבַּעַת
שְׁפָטַי ׀ הָרָעִים חֶרֶב וְרָעָב וְחַיָּה רָעָה וָדֶבֶר שִׁלַּחְתִּי
כב אֶל־יְרוּשָׁלִָם לְהַכְרִית מִמֶּנָּה אָדָם וּבְהֵמָה׃ וְהִנֵּה
נוֹתְרָה־בָּהּ פְּלֵטָה הַמּוּצָאִים בָּנִים וּבָנוֹת הִנָּם יוֹצְאִים
אֲלֵיכֶם וּרְאִיתֶם אֶת־דַּרְכָּם וְאֶת־עֲלִילוֹתָם וְנִחַמְתֶּם עַל־
הָרָעָה אֲשֶׁר הֵבֵאתִי עַל־יְרוּשָׁלִַם אֵת כָּל־אֲשֶׁר הֵבֵאתִי
כג עָלֶיהָ׃ וְנִחֲמוּ אֶתְכֶם כִּי־תִרְאוּ אֶת־דַּרְכָּם וְאֶת־עֲלִילוֹתָם
וִידַעְתֶּם כִּי לֹא חִנָּם עָשִׂיתִי אֵת כָּל־אֲשֶׁר־עָשִׂיתִי בָהּ נְאֻם
אֲדֹנָי יְהוִה׃

טו

א
ב וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם מַה־יִּהְיֶה עֵץ־
ג הַגֶּפֶן מִכָּל־עֵץ הַזְּמוֹרָה אֲשֶׁר הָיָה בַּעֲצֵי הַיָּעַר׃ הֲיֻקַּח

יד,יט׳ למדנחאי על   כב׳ למדנחאי אֶל

און איר וועט אייך טרייסטן וועגן דעם בייז
וואָס איך האָב געבראַכט אויף ירושלים,
וועגן אַלץ וואָס איך האָב געבראַכט אויף איר;

[23] וואָרום זיי וועלן אייך זיין אַ טרייסטונג,
אַז איר וועט זען זייער וועג און זייערע מעשים;
און איר וועט וויסן אַז ניט אומזיסט האָב איך געטאָן
אַלץ וואָס איך האָב געטאָן אין איר,
זאָגט גאָט דער האַר.

## טו

[1] און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:

[2] מענטשנקינד, וואָס איז דער ווײנשטאָק
מער פון איטלעכן בוים–
דער ווײנצווײג וואָס איז צווישן די וואַלדביימער?

[3] צי ווערט פון אים האָלץ גענומען

מִמֶּנּוּ עֵץ לַעֲשׂוֹת לִמְלָאכָה אִם־יִקְחוּ מִמֶּנּוּ יָתֵד לִתְלוֹת
עָלָיו כָּל־כֶּלִי׃ הִנֵּה לָאֵשׁ נִתַּן לְאָכְלָה אֵת שְׁנֵי קְצוֹתָיו ד
אָכְלָה הָאֵשׁ וְתוֹכוֹ נָחָר הֲיִצְלַח לִמְלָאכָה׃ הִנֵּה בִּהְיוֹתוֹ ה
תָמִים לֹא יֵעָשֶׂה לִמְלָאכָה אַף כִּי־אֵשׁ אֲכָלַתְהוּ וַיֵּחָר
וְנַעֲשָׂה עוֹד לִמְלָאכָה׃ לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה ו
כַּאֲשֶׁר עֵץ־הַגֶּפֶן בְּעֵץ הַיַּעַר אֲשֶׁר־נְתַתִּיו לָאֵשׁ לְאָכְלָה
כֵּן נָתַתִּי אֶת־יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלָם׃ וְנָתַתִּי אֶת־פָּנַי בָּהֶם מֵהָאֵשׁ ז
יָצָאוּ וְהָאֵשׁ תֹּאכְלֵם וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהֹוָה בְּשׂוּמִי אֶת־
פָּנַי בָּהֶם׃ וְנָתַתִּי אֶת־הָאָרֶץ שְׁמָמָה יַעַן מָעֲלוּ מַעַל נְאֻם ח
אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃

## טז

וַיְהִי דְבַר־יְהֹוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם הוֹדַע אֶת־יְרוּשָׁלַם א ב
אֶת־תּוֹעֲבֹתֶיהָ׃ וְאָמַרְתָּ כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה לִירוּשָׁלַם ג
מְכֹרֹתַיִךְ וּמֹלְדֹתַיִךְ מֵאֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי אָבִיךְ הָאֱמֹרִי וְאִמֵּךְ
חִתִּית׃ וּמוֹלְדוֹתַיִךְ בְּיוֹם הוּלֶּדֶת אֹתָךְ לֹא־כָרַּת שָׁרֵּךְ ד
וּבְמַיִם לֹא־רֻחַצְתְּ לְמִשְׁעִי וְהָמְלֵחַ לֹא הֻמְלַחַתְּ וְהָחְתֵּל
לֹא חֻתָּלְתְּ׃ לֹא־חָסָה עָלַיִךְ עַיִן לַעֲשׂוֹת לָךְ אַחַת מֵאֵלֶּה ה
לְחֻמְלָה עָלָיִךְ וַתֻּשְׁלְכִי אֶל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה בְּגֹעַל נַפְשֵׁךְ בְּיוֹם
הֻלֶּדֶת אֹתָךְ׃ וָאֶעֱבֹר עָלַיִךְ וָאֶרְאֵךְ מִתְבּוֹסֶסֶת בְּדָמָיִךְ ו
וָאֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי וָאֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי׃ רְבָבָה כְּצֶמַח ז
הַשָּׂדֶה נְתַתִּיךְ וַתִּרְבִּי וַתִּגְדְּלִי וַתָּבֹאִי בַּעֲדִי עֲדָיִים שָׁדַיִם
נָכֹנוּ וּשְׂעָרֵךְ צִמֵּחַ וְאַתְּ עֵרֹם וְעֶרְיָה׃ וָאֶעֱבֹר עָלַיִךְ וָאֶרְאֵךְ ח
וְהִנֵּה עִתֵּךְ עֵת דֹּדִים וָאֶפְרֹשׂ כְּנָפִי עָלַיִךְ וָאֲכַסֶּה עֶרְוָתֵךְ
וָאֶשָּׁבַע לָךְ וָאָבוֹא בִבְרִית אֹתָךְ נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה וַתִּהְיִי־
לִי׃ וָאֶרְחָצֵךְ בַּמַּיִם וָאֶשְׁטֹף דָּמַיִךְ מֵעָלָיִךְ וָאֲסֻכֵךְ בַּשָּׁמֶן׃ ט
וָאַלְבִּישֵׁךְ רִקְמָה וָאֶנְעֲלֵךְ תָּחַשׁ וָאֶחְבְּשֵׁךְ בַּשֵּׁשׁ וָאֲכַסֵּךְ י
מֶשִׁי׃ וָאֶעְדֵּךְ עֶדִי וָאֶתְּנָה צְמִידִים עַל־יָדַיִךְ וְרָבִיד עַל־ יא

---

טו, ה׳ ז׳ קמץ בז״ק   טז, ד׳ דגש אחר שורק   ב רפין דנשין

אויף צו מאַכן אַן אַרבעט?
אָדער נעמט פון אים אַ פלעקל
צו הענגען אַ שום כּלי דערויף?
4 היינט אַז ער איז צום פייער פאַר אַ שפּייז געגעבן געוואָרן,
אַז ביידע עקן האָט אָפּגעגעסן דאָס פייער,
און זיין מיטן איז צוגעברענט געוואָרן,
קען ער דען טויגן אויף אַן אַרבעט?
5 זע, אַז ער איז גאַנץ געווען,
האָט ער ניט געקענט פאַרטאָן ווערן אויף אַן אַרבעט,
היינט ווי שוין אַז דאָס פייער האָט אים אַרומגעגעסן,
און ער איז צוגעברענט געוואָרן,
קען ער דען נאָך פאַרטאָן ווערן אויף אַן אַרבעט?
6 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
אַזוי ווי דער ווײַנשטאָק צווישן די וואַלדביימער,
וואָס איך האָב אים געגעבן צום פייער פאַר אַ שפּייז,
אַזוי גיב איך די באַוווינער פון ירושָׁלַיִם.
7 און איך וועל קערן מיין פּנים אַקעגן זיי;
פון פייער זיינען זיי אַרויס, און דאָס פייער וועט זיי
פאַרצערן;
און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה,
ווען איך טו מיין פּנים אַקעגן זיי.
8 און איך וועל מאַכן דאָס לאַנד אַ וויסטעניש,
ווייל זיי האָבן געפעלשט אַ פעלשונג,
זאָגט גאָט דער האַר.

# טז

1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
2 מענטשנקינד, לאָז וויסן ירושָׁלַיִם אירע אומווערדיקייטן,
3 און זאָלסט זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר צו ירושָׁלַיִם:
דיין אָפּשטאַם און דיין געבורט
איז פון לאַנד פון דעם כּנַעֲני;
דיין פאָטער איז געווען דער אֱמוֹרי,
און דיין מוטער פון חֵת.
4 און אָט איז דיין געבורט:

אין דעם טאָג וואָס דו ביסט געבאָרן געוואָרן
האָט מען דיין נאָפּל ניט אָפּגעשניטן,
און אין וואַסער ביסטו ניט געוואַשן געוואָרן צום ריייניקן,
און באַזאַלצן ביסטו ניט באַזאַלצט געוואָרן,
און געוויקלט ביסטו ניט געוויקלט געוואָרן.
5 ניט דערבאַרימט האָט זיך אַן אויג אויף דיר,
דיר צו טאָן איינס פון די דאָזיקע,
צו האָבן רחמנות אויף דיר;
און ביסט אַוועקגעוואָרפן געוואָרן אויפן פרייען פעלד,
פון וועגן דער עקלדיקייט פון דיין לייב,
אין דעם טאָג וואָס דו ביסט געבאָרן געוואָרן.
6 און איך בין פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דיר,
און האָב דיך געזען זיך וועלגערן אין דיין בלוט,
און איך האָב געזאָגט צו דיר אין דיין בלוט: לעב!
יאָ, איך האָב געזאָגט צו דיר אין דיין בלוט: לעב!
7 וואַקסעדיק ווי די שפּראָצונג פון פעלד האָב איך דיך געמאַכט,
און ביסט געוואַקסן, און ביסט גרויס געוואָרן,
און געקומען אין שענסטער שיינקייט;
די בריסט זיינען געווען געפורעמט,

און דיינע האָר האָט געשפּראָצט,
נאָר נאַקעט און הויל ביסטו געווען.
8 בין איך פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דיר, און האָב דיך געזען,
ערשט דיין צייט איז די צייט פון ליבשאַפט;
און איך האָב אויסגעשפּרייט מיין ברעג קלייד איבער דיר,
און צוגעדעקט דיין נאַקעטקייט;
און איך האָב דיר געשוואָרן,
און בין אַריין אין אַ בונד מיט דיר,
זאָגט גאָט דער האַר,
און ביסט געוואָרן מיינע.
9 און איך האָב דיך אַרומגעוואַשן מיט וואַסער,
און האָב אָפּגעשווענקט דיין בלוט פון דיר,
און האָב דיך באַזאַלבט מיט אייל.
10 און איך האָב דיך אָנגעקליידט אין געשטיקטן געוואַנט,
און דיך באַשוכט מיט תַּחַשׁ־פעל,
און באַוויקלט דיין קאָפּ מיט לייוונט,
און באַדעקט דיך מיט זייד.
11 און איך האָב דיך באַצירט מיט צירונג,
און אָנגעטאָן אָרעמבענדער אויף דיינע הענט,
און אַ האַלדזבאַנד אויף דיין האַלדז.

12 און איך האָב אָנגעטאָן אַ נאָזרינג אויף דיין נאָז,
און אוירינגען אין דיינע אויערן,
און אַ שיינע קרוין אויף דיין קאָפּ.
13 און האָסט זיך אָנגעצירט אין גאָלד און זילבער,
און דיין קלייד איז געווען ליינען,
און זייד, און געשטיקט געוואַנט;
זעמלמעל, און האָניק, און אייל האָסטו געגעסן,
און ביסט זייער שיין געוואָרן,
און האָסט זיך געפּאַסט פאַר מלוכה.
14 און דיין שם איז אַרויס צווישן די פעלקער
דורך דיין שיינקייט, וואָרום זי איז געווען פאַרפול,
דורך מיין פּראַכט וואָס איך האָב אַרויפגעטאָן אויף דיר,
זאָגט גאָט דער האַר.
15 אָבער האָסט זיך פאַרזיכערט אויף דיין שיינקייט,
און האָסט מזנה געווען אויף דיין שם,
און אויסגעגאָסן דיין זנות אויף יעטוועדער דורכגייער;
זיינס איז עס געווען.
16 און האָסט גענומען פון דיינע קליידער,
און דיר געמאַכט געפלעקטע בָּמות,
און מזנה געווען אויף זיי;
וואָס אַזוינס איז ניט געשען, און וועט ניט זיין.
17 און האָסט גענומען דיינע שיינע זאַכן,
פון מיין גאָלד און פון מיין זילבער וואָס איך האָב דיר געגעבן;
און האָסט דיר געמאַכט בילדער פון אַ מאַנספּאַרשוין,
און מזנה געווען מיט זיי.
18 און האָסט גענומען דיינע געשטיקטע קליידער,
און האָסט זיי באַדעקט;
און מיין אייל און מיין ווייררויך
האָסטו דערלאַנגט פאַר זיי.
19 און מיין ברויט וואָס איך האָב דיר געגעבן,
זעמלמעל, און אייל, און האָניק,
מיט וואָס איך האָב דיך געשפּייזט,
האָסטו דערלאַנגט פאַר זיי, פאַר אַ געשמאַקן ריח;
אַזוי איז דאָס געווען, זאָגט גאָט דער האַר.
20 און האָסט גענומען דיינע זין און דיינע טעכטער
וואָס דו האָסט מיר געבאָרן,
און האָסט זיי געשלאַכט פאַר זיי צום עסן.
ווינציק איז דיר געווען דיין זנות,
21 האָסטו נאָך געשאָכטן מיינע קינדער,
און זיי אַוועקגעגעבן,
אַז דו האָסט זיי מקריב געווען צו זיי.
22 און אין אַלע דיינע אומווערדיקייטן און דיין זנות
האָסטו ניט געדאַכט אָן די טעג פון דיין יוגנט,
ווען דו ביסט געווען נאַקעט און הויל,
זיך וועלגערנדיק אין דיין בלוט.
23 און עס איז געווען: נאָך אַל דיין שלעכטיקייט—
וויי, וויי דיר, זאָגט גאָט דער האַר—
24 האָסטו דיר געבויט אַ געוועלבונג,
און דיר געמאַכט אַ הויכן אָרט אויף איטלעכן מאַרק.
25 אויף יעטוועדער עק וועג האָסטו דיר געבויט דיין הויכן אָרט,
און האָסט פאַראומווערדיקט דיין שיינקייט,
און צעשפּרייט דיינע פיס פאַר יעטוועדער דורכגייער,
און געמערט דיין זנות.
26 און האָסט מזנה געווען מיט די זין פון מִצרַיִם,
דיינע שכנים די גרויסלייביקע,
און האָסט געמערט דיין זנות, מיך צו דערצערענען.
27 און זע, איך האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנט אויף דיר,
און האָב געמינערט דיין אויסקומעניש,
און דיך איבערגעגעבן אויף דעם באַראָט פון דיינע פיינט,
די טעכטער פון די פּלִשתּים
וואָס האָבן זיך געשעמט וועגן דיין שענדלעכן וועג.
28 און דו האָסט מזנה געווען מיט די זין פון אַשור,
ווייל דו האָסט זיך ניט געקענט אָנזעטן,
און האָסט מזנה געווען מיט זיי,
און ביסט פאָרט ניט זאַט געוואָרן.
29 און האָסט געמערט דיין זנות
מיט דעם לאַנד פון קרעמער, מיט כַּשׂדים,
און אויך דערמיט ביסטו ניט זאַט געוואָרן.
30 ווי שוואַך איז דיין האַרץ, זאָגט גאָט דער האַר,
אַז דו האָסט געטאָן אַלדאָסדאָזיקע

יב גְּרוֹנֵךְ׃ וָאֶתֵּן נֶזֶם עַל־אַפֵּךְ וַעֲגִילִים עַל־אָזְנָיִךְ וַעֲטֶרֶת
יג תִּפְאֶרֶת בְּרֹאשֵׁךְ׃ וַתַּעְדִּי זָהָב וָכֶסֶף וּמַלְבּוּשֵׁךְ שֵׁשִׁי וָמֶשִׁי
וְרִקְמָה סֹלֶת וּדְבַשׁ וָשֶׁמֶן אָכָלְתִּי וַתִּיפִי בִּמְאֹד מְאֹד
יד וַתִּצְלְחִי לִמְלוּכָה׃ וַיֵּצֵא לָךְ שֵׁם בַּגּוֹיִם בְּיָפְיֵךְ כִּי כָּלִיל
הוּא בַּהֲדָרִי אֲשֶׁר־שַׂמְתִּי עָלַיִךְ נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃
טו וַתִּבְטְחִי בְיָפְיֵךְ וַתִּזְנִי עַל־שְׁמֵךְ וַתִּשְׁפְּכִי אֶת־תַּזְנוּתַיִךְ
טז עַל־כָּל־עוֹבֵר לוֹ־יֶהִי׃ וַתִּקְחִי מִבְּגָדַיִךְ וַתַּעֲשִׂי־לָךְ בָּמוֹת
יז טְלֻאוֹת וַתִּזְנִי עֲלֵיהֶם לֹא בָאוֹת וְלֹא יִהְיֶה׃ וַתִּקְחִי כְּלֵי
תִפְאַרְתֵּךְ מִזְּהָבִי וּמִכַּסְפִּי אֲשֶׁר נָתַתִּי לָךְ וַתַּעֲשִׂי־לָךְ
יח צַלְמֵי זָכָר וַתִּזְנִי־בָם׃ וַתִּקְחִי אֶת־בִּגְדֵי רִקְמָתֵךְ וַתְּכַסִּים
יט וְשַׁמְנִי וּקְטָרְתִּי נָתַתִּי לִפְנֵיהֶם׃ וְלַחְמִי אֲשֶׁר־נָתַתִּי לָךְ
סֹלֶת וָשֶׁמֶן וּדְבַשׁ הֶאֱכַלְתִּיךְ וּנְתַתִּיהוּ לִפְנֵיהֶם לְרֵיחַ
כ נִיחֹחַ וַיֶּהִי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ וַתִּקְחִי אֶת־בָּנַיִךְ וְאֶת־בְּנוֹתַיִךְ
אֲשֶׁר יָלַדְתְּ לִי וַתִּזְבָּחִים לָהֶם לֶאֱכוֹל הַמְעַט מִתַּזְנֻתֵךְ׃
כא כב וַתִּשְׁחֲטִי אֶת־בָּנָי וַתִּתְּנִים בְּהַעֲבִיר אוֹתָם לָהֶם׃ וְאֵת
כָּל־תּוֹעֲבֹתַיִךְ וְתַזְנֻתַיִךְ לֹא זָכַרְתִּי אֶת־יְמֵי נְעוּרָיִךְ בִּהְיוֹתֵךְ
כג עֵירֹם וְעֶרְיָה מִתְבּוֹסֶסֶת בְּדָמֵךְ הָיִית׃ וַיְהִי אַחֲרֵי כָּל־
כד רָעָתֵךְ אוֹי אוֹי לָךְ נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ וַתִּבְנִי־לָךְ גֶּב וַתַּעֲשִׂי־
כה לָךְ רָמָה בְּכָל־רְחוֹב׃ אֶל־כָּל־רֹאשׁ דֶּרֶךְ בָּנִית רָמָתֵךְ
וַתְּתַעֲבִי אֶת־יָפְיֵךְ וַתְּפַשְּׂקִי אֶת־רַגְלַיִךְ לְכָל־עוֹבֵר וַתַּרְבִּי
כו אֶת־תַּזְנוּתָךְ׃ וַתִּזְנִי אֶל־בְּנֵי־מִצְרַיִם שְׁכֵנַיִךְ גִּדְלֵי בָשָׂר
כז וַתַּרְבִּי אֶת־תַּזְנֻתֵךְ לְהַכְעִיסֵנִי׃ וְהִנֵּה נָטִיתִי יָדִי עָלַיִךְ
וָאֶגְרַע חֻקֵּךְ וָאֶתְּנֵךְ בְּנֶפֶשׁ שֹׂנְאוֹתַיִךְ בְּנוֹת פְּלִשְׁתִּים
כח הַנִּכְלָמוֹת מִדַּרְכֵּךְ זִמָּה׃ וַתִּזְנִי אֶל־בְּנֵי אַשּׁוּר מִבִּלְתִּי
כט שָׂבְעָתֵךְ וַתִּזְנִים וְגַם לֹא שָׂבָעַתְּ׃ וַתַּרְבִּי אֶת־תַּזְנוּתֵךְ אֶל־
ל אֶרֶץ כְּנַעַן כַּשְׂדִּימָה וְגַם־בְּזֹאת לֹא שָׂבָעַתְּ׃ מָה אֲמֻלָה
לִבָּתֵךְ נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה בַּעֲשׂוֹתֵךְ אֶת־כָּל־אֵלֶּה מַעֲשֵׂה

יג׳ יח׳ יתיר י   כ׳ מתזנותך ק   כב׳ יתיר י   כה׳ תזנותך קרי

אִשָּׁה זוֹנָה שַׁלָּטֶת׃ בִּבְנוֹתַיִךְ גַּבֵּךְ בְּרֹאשׁ כָּל־דֶּרֶךְ וְרָמָתֵךְ לא
עָשִׂיתִי בְּכָל־רְחוֹב וְלֹא־הָיִיתי כַּזּוֹנָה לְקַלֵּס אֶתְנָן׃ הָאִשָּׁה לב
הַמְּנָאָפֶת תַּחַת אִישָׁהּ תִּקַּח אֶת־זָרִים׃ לְכָל־זֹנוֹת יִתְּנוּ־ לג
נֵדֶה וְאַתְּ נָתַתְּ אֶת־נְדָנַיִךְ לְכָל־מְאַהֲבַיִךְ וַתִּשְׁחֳדִי אוֹתָם
לָבוֹא אֵלַיִךְ מִסָּבִיב בְּתַזְנוּתָיִךְ׃ וַיְהִי־בָךְ הֵפֶךְ מִן־הַנָּשִׁים לד
בְּתַזְנוּתַיִךְ וְאַחֲרַיִךְ לֹא זוּנָּה וּבְתִתֵּךְ אֶתְנָן וְאֶתְנַן לֹא נִתַּן
לָךְ וַתְּהִי לְהֶפֶךְ׃ לָכֵן זוֹנָה שִׁמְעִי דְּבַר־יְהוָה׃ כֹּה־ לה לו
אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה יַעַן הִשָּׁפֵךְ נְחֻשְׁתֵּךְ וַתִּגָּלֶה עֶרְוָתֵךְ
בְּתַזְנוּתַיִךְ עַל־מְאַהֲבָיִךְ וְעַל כָּל־גִּלּוּלֵי תוֹעֲבוֹתַיִךְ וְכִדְמֵי
בָנַיִךְ אֲשֶׁר נָתַתְּ לָהֶם׃ לָכֵן הִנְנִי מְקַבֵּץ אֶת־כָּל־מְאַהֲבַיִךְ לז
אֲשֶׁר עָרַבְתְּ עֲלֵיהֶם וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר אָהַבְתְּ עַל כָּל־אֲשֶׁר
שָׂנֵאת וְקִבַּצְתִּי אֹתָם עָלַיִךְ מִסָּבִיב וְגִלֵּיתִי עֶרְוָתֵךְ אֲלֵהֶם
וְרָאוּ אֶת־כָּל־עֶרְוָתֵךְ׃ וּשְׁפַטְתִּיךְ מִשְׁפְּטֵי נֹאֲפוֹת וְשֹׁפְכֹת לח
דָּם וּנְתַתִּיךְ דַּם חֵמָה וְקִנְאָה׃ וְנָתַתִּי אוֹתָךְ בְּיָדָם וְהָרְסוּ לט
גַבֵּךְ וְנִתְּצוּ רָמֹתַיִךְ וְהִפְשִׁיטוּ אוֹתָךְ בְּגָדַיִךְ וְלָקְחוּ כְּלֵי
תִפְאַרְתֵּךְ וְהִנִּיחוּךְ עֵירֹם וְעֶרְיָה׃ וְהֶעֱלוּ עָלַיִךְ קָהָל וְרָגְמוּ מ
אוֹתָךְ בָּאָבֶן וּבִתְּקוּךְ בְּחַרְבוֹתָם׃ וְשָׂרְפוּ בָתַּיִךְ בָּאֵשׁ מא
וְעָשׂוּ־בָךְ שְׁפָטִים לְעֵינֵי נָשִׁים רַבּוֹת וְהִשְׁבַּתִּיךְ מִזּוֹנָה
וְגַם־אֶתְנַן לֹא תִתְּנִי־עוֹד׃ וַהֲנִחֹתִי חֲמָתִי בָּךְ וְסָרָה קִנְאָתִי מב
מִמֵּךְ וְשָׁקַטְתִּי וְלֹא אֶכְעַס עוֹד׃ יַעַן אֲשֶׁר לֹא־זָכַרְתְּי מג
אֶת־יְמֵי נְעוּרַיִךְ וַתִּרְגְּזִי־לִי בְּכָל־אֵלֶּה וְגַם־אֲנִי הֵא דַּרְכֵּךְ ׀
בְּרֹאשׁ נָתַתִּי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה וְלֹא עָשִׂיתי אֶת־הַזִּמָּה עַל
כָּל־תּוֹעֲבֹתָיִךְ׃ הִנֵּה כָּל־הַמֹּשֵׁל עָלַיִךְ יִמְשֹׁל לֵאמֹר כְּאִמָּה מד
בִּתָּהּ׃ בַּת־אִמֵּךְ אַתְּ גֹּעֶלֶת אִישָׁהּ וּבָנֶיהָ וַאֲחוֹת אֲחוֹתֵךְ מה
אַתְּ אֲשֶׁר גָּעֲלוּ אַנְשֵׁיהֶן וּבְנֵיהֶן אִמְּכֶן חִתִּית וַאֲבִיכֶן אֱמֹרִי׃
וַאֲחוֹתֵךְ הַגְּדוֹלָה שֹׁמְרוֹן הִיא וּבְנוֹתֶיהָ הַיּוֹשֶׁבֶת עַל־ מו
שְׂמֹאולֵךְ וַאֲחוֹתֵךְ הַקְּטַנָּה מִמֵּךְ הַיּוֹשֶׁבֶת מִימִינֵךְ סְדֹם

לא׳ יתיר י׳ לד׳ שורק במקום קבוץ דכ׳ בפתח מא׳ דכ׳ בפתח
מג׳ יתיר י׳ יתיר י׳ מו׳ יתיר ו׳

אַזוי ווי עס טוט אַן אַרצי־זונה,
31 מיט וואָס דו האָסט געבויט דיין געוועלבונג
אויף יעטוועדער עק וועג,
און דיין הויכן אָרט האָסטו געמאַכט
אויף יעטוועדער מאַרק;
ביסט צומאָל ניט געווען ווי אַ זונה
צו שפּאָטן פון אַבי וואָסער לוין.
32 דו ווייב נואפטע וואָס נעמט פרעמדע אָנשטאָט איר מאַן,
33 אַלע זונות גיט מען אַ געשאַנק,
און דו האָסט געגעבן דיינע געשאַנקען
צו אַלע דיינע ליבהאָבער,
און זיי אונטערגעקויפט צו קומען צו דיר
פון רונד אַרום, אין דיין זנות.
34 און ביי דיר איז געווען קאַפּויר ווי ביי אַנדערע ווייבער,
מיט וואָס דו ביסט נאָכגעלאָפן,
און נאָך דיר איז מען ניט נאָכגעלאָפן,
און וואָס דו האָסט געגעבן לוין,
און דיר איז קיין לוין ניט געגעבן געוואָרן;
יאָ, קאַפּויר ביסטו געווען.

35 דרום הער, דו זונה, דאָס וואָרט פון גאָט:
36 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
ווייל דיין שמוציקייט האָט זיך אויסגעגאָסן,
און דיין שאַנד איז אַנטפּלעקט געוואָרן
אין דיין זנות מיט דיינע ליבהאָבער,
און מיט אַלע דיינע אומווערדיקע אָפּגעטער;
און פאַר דעם בלוט פון דיינע זין וואָס דו האָסט זיי געגעבן—
37 דרום זע, איך זאַמל איין אַלע דיינע ליבהאָבער
וואָס דו האָסט זיך געהנדלט צו זיי,
און אַלע וואָס דו האָסט ליב,
מיט אַלע וואָס דו האָסט פיינט;
און איך וועל זיי איינזאַמלען אַרום דיר פון רונד אַרום,
און וועל אַנטפּלעקן דיין שאַנד פאַר זיי,
און זיי וועלן זען דיין גאַנצע שאַנד.
38 און איך וועל דיך משפּטן מיט דעם משפּט
פון נואפטעס און בלוטפאַרגיסערינס;
און איך וועל ברענגען אויף דיר
בלוט פון גרימצאָרן און פאַרדראָס.
39 און איך וועל דיך איבערגעבן אין זייער האַנט,
און זיי וועלן צעשטערן דיין געוועלבונג,
און איינוואַרפן דיינע הויכע ערטער;
און זיי וועלן דיר אויסטאָן דיינע קליידער,
און צונעמען דיינע שיינע זאַכן;
און זיי וועלן דיך לאָזן נאַקעט און הויל.
40 און זיי וועלן אַרויפברענגען אויף דיר אַ געזעמל,
און זיי וועלן דיך פאַרשטיינען מיט שטיינער,
און דיך צעהאַקן מיט זייערע שווערדן.
41 און זיי וועלן פאַרברענען דיינע הייזער אין פייער,
און טאָן אויף דיר אַ משפּט פאַר די אויגן פון פיל ווייבער;
און איך וועל דיך מאַכן אויפהערן זיין אַ זונה,
און וועסט אויך קיין לוין מער ניט געבן.
42 און איך וועל באַרועגן מיין גרימצאָרן אויף דיר,
און אָפּטאָן וועט זיך מיין פאַרדראָס פון דיר,
און איך וועל מיך שטילן, און מער ניט צערענען.
43 ווייל דו האָסט ניט געדאַכט אָן די טעג פון דיין יוגנט,
און האָסט מיך דערערגערט מיט אַלעם דאָזיקן,
דרום אָט פאַרגעלט איך אויך דיין וועג אויף דיין קאָפּ,
זאָגט גאָט דער האַר.
אָדער האָסטו דען ניט געטאָן דידאָזיקע שענדלעכקייט
צו אַלע דיינע אומווערדיקייטן?
44 זע, יעטוועדער ווערטלזאָגער וועט זיך ווערטלען אויף דיר,
אַזוי צו זאָגן: ווי די מוטער אַזוי איר טאָכטער.
45 ביסט אַ טאָכטער פון דיין מוטער
וואָס האָט זיך געמיאוסט מיט איר מאַן און אירע קינדער,
און ביסט אַ שוועסטער פון דיינע שוועסטער,
וואָס האָבן זיך געמיאוסט מיט זייערע מאַנען און זייערע קינדער;
דיין מוטער איז געווען פון חֵת,
און דיין פאָטער אַן אֶמורי.
46 און דיין גרעסערע שוועסטער איז געווען שומרון,
וואָס איז געזעסן אויף דיין לינקער זייט,
זי מיט אירע טעכטער;
און דיין קלענערע שוועסטער
וואָס איז געזעסן אויף דיין רעכטער זייט,
איז געווען סדום מיט אירע טעכטער.

47 ניט צומאָל אין זייערע וועגן ביסטו געגאַנגען,
און ווי זייערע אומווערדיקייטן געטאָן;
אין אַ קורצער וויַיל ביסטו געוואָרן
פאַרדאָרבענער פון זיי אין אַלע דיינע וועגן.
48 אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט דער האַר,
אויב דיין שוועסטער סדום, זי מיט אירע טעכטער,
האָט געטאָן ווי דו מיט דיינע טעכטער האָסט געטאָן!
49 זע, דאָס איז געווען די זינד פון דיין שוועסטער סדום:
שטאָלצקייט, זעטיקייט מיט ברויט, און רואיקע שַלווה
איז געווען בײַ איר און בײַ אירע טעכטער,
און די האַנט פון דעם אָרימאַן און דעם אביון
האָט זי ניט אויפגעהאַלטן.
50 און זיי זיינען געווען האָפערדיק,
און האָבן געטאָן אומווערדיקייט פאַר מיר;
דרום האָב איך זיי אָפּגעראַמט,
אַז איך האָב דאָס געזען.
51 און שומרון האָט אַ העלפט פון דיינע זינד ניט גע־
זינדיקט;
און דו האָסט געמערט דיינע אומווערדיקייטן מײַן פון
זיי,
און האָסט גערעכטפאַרטיקט דיינע שוועסטער
מיט אַלע דיינע אומווערדיקייטן וואָס דו האָסט געטאָן.
52 דרום טראָג אויך דו דיין שאַנד,
וואָס דו האָסט געמשפט דיינע שוועסטער;
דורך דיינע זינד וואָס דו האָסט געטאָן מער אומ־
ווערדיק פון זיי,
ווערן זיי גערעכטער פון דיר;
דרום אויך דו שעם זיך, און טראָג דיין שאַנד,
וואָס דו רעכטפאַרטיקסט דיינע שוועסטער.
53 און איך וועל אומקערן זייער געפאַנגענשאַפט,
די געפאַנגענשאַפט פון סדום און אירע טעכטער,
און די געפאַנגענשאַפט פון שומרון און אירע טעכטער,
און די געפאַנגענשאַפט פון דיינע געפאַנגענע צווישן זיי;
54 כדי זאָלסט טראָגן דיין שאַנד,
און זיך שעמען פאַר אַלץ וואָס דו האָסט געטאָן,
אַז דו ביסט זיי געוואָרן אַ טרייסטונג.
55 און דיינע שוועסטער סדום און אירע טעכטער
וועלן זיך אומקערן צו זייער פריערדיקן שטאַנד,
און שומרון און אירע טעכטער
וועלן זיך אומקערן צו זייער פריערדיקן שטאַנד,
און דו און דיינע טעכטער–
וועט זיך אומקערן צו אייער פריערדיקן שטאַנד.
56 און איז ניט סדום דיין שוועסטער
געווען אַ גערייד אין דיין מויל,
אין דעם טאָג פון דיין שטאָלץ,
57 איידער דיין שלעכטיקייט איז אַנטפּלעקט געוואָרן,
ווי אין דער צייט פון דער לעסטערונג
פון די טעכטער פון אַרם,
און פון אַלע אירע אַרומיקע, די טעכטער פון די פּלִשתּים,
וואָס פאַראַכטן דיך פון רונד אַרום?

מז וּבְנוֹתֶיהָ׃ וְלֹא בְדַרְכֵיהֶן הָלַכְתְּ וּכְתוֹעֲבוֹתֵיהֶן עָשִׂיתי
מח כִּמְעַט קָט וַתַּשְׁחִתִי מֵהֵן בְּכָל־דְּרָכָיִךְ׃ חַי־אָנִי נְאֻם
אֲדֹנָי יֱהוִה אִם־עָשְׂתָה סְדֹם אֲחוֹתֵךְ הִיא וּבְנוֹתֶיהָ כַּאֲשֶׁר
מט עָשִׂית אַתְּ וּבְנוֹתָיִךְ׃ הִנֵּה־זֶה הָיָה עֲוֺן סְדֹם אֲחוֹתֵךְ גָּאוֹן
שִׂבְעַת־לֶחֶם וְשַׁלְוַת הַשְׁקֵט הָיָה לָהּ וְלִבְנוֹתֶיהָ וְיַד־עָנִי
נ וְאֶבְיוֹן לֹא הֶחֱזִיקָה׃ וַתִּגְבְּהֶינָה וַתַּעֲשֶׂינָה תוֹעֵבָה לְפָנָי
נא וָאָסִיר אֶתְהֶן כַּאֲשֶׁר רָאִיתִי׃ וְשֹׁמְרוֹן כַּחֲצִי חַטֹּאתַיִךְ לֹא
חָטָאָה וַתַּרְבִּי אֶת־תּוֹעֲבוֹתַיִךְ מֵהֵנָּה וַתְּצַדְּקִי אֶת־אֲחוֹתֵךְ
נב בְּכָל־תּוֹעֲבוֹתַיִךְ אֲשֶׁר עָשִׂיתי׃ גַּם־אַתְּ ׀ שְׂאִי כְלִמָּתֵךְ אֲשֶׁר
פִּלַּלְתְּ לַאֲחוֹתֵךְ בְּחַטֹּאתַיִךְ אֲשֶׁר־הִתְעַבְתְּ מֵהֵן תִּצְדַּקְנָה
מִמֵּךְ וְגַם־אַתְּ בּוֹשִׁי וּשְׂאִי כְלִמָּתֵךְ בְּצַדֶּקְתֵּךְ אַחְיוֹתֵךְ׃
נג וְשַׁבְתִּי אֶת־שְׁבִיתְהֶן אֶת־שְׁבִית סְדֹם וּבְנוֹתֶיהָ וְאֶת־שְׁבִית
נד שֹׁמְרוֹן וּבְנוֹתֶיהָ וּשְׁבִית שְׁבִיתַיִךְ בְּתוֹכֲהֶנָה׃ לְמַעַן תִּשְׂאִי
נה כְלִמָּתֵךְ וְנִכְלַמְתְּ מִכֹּל אֲשֶׁר עָשִׂית בְּנַחֲמֵךְ אֹתָן׃ וַאֲחוֹתַיִךְ
סְדֹם וּבְנוֹתֶיהָ תָּשֹׁבְןָ לְקַדְמָתָן וְשֹׁמְרוֹן וּבְנוֹתֶיהָ תָּשֹׁבְןָ
נו לְקַדְמָתָן וְאַתְּ וּבְנוֹתַיִךְ תְּשֻׁבֶינָה לְקַדְמַתְכֶן׃ וְלוֹא הָיְתָה
נז סְדֹם אֲחוֹתֵךְ לִשְׁמוּעָה בְּפִיךְ בְּיוֹם גְּאוֹנָיִךְ׃ בְּטֶרֶם תִּגָּלֶה
רָעָתֵךְ כְּמוֹ עֵת חֶרְפַּת בְּנוֹת־אֲרָם וְכָל־סְבִיבוֹתֶיהָ בְּנוֹת
נח פְּלִשְׁתִּים הַשָּׁאטוֹת אוֹתָךְ מִסָּבִיב׃ אֶת־זִמָּתֵךְ וְאֶת־
נט תּוֹעֲבוֹתַיִךְ אַתְּ נְשָׂאתִים נְאֻם יְהוָה׃ כִּי כֹה אָמַר
אֲדֹנָי יֱהוִה וְעָשִׂית אוֹתָךְ כַּאֲשֶׁר עָשִׂית אֲשֶׁר־בָּזִית אָלָה
ס לְהָפֵר בְּרִית׃ וְזָכַרְתִּי אֲנִי אֶת־בְּרִיתִי אוֹתָךְ בִּימֵי נְעוּרָיִךְ
סא וַהֲקִימוֹתִי לָךְ בְּרִית עוֹלָם׃ וְזָכַרְתְּ אֶת־דְּרָכַיִךְ וְנִכְלַמְתְּ
בְּקַחְתֵּךְ אֶת־אֲחוֹתַיִךְ הַגְּדֹלוֹת מִמֵּךְ אֶל־הַקְּטַנּוֹת מִמֵּךְ
סב וְנָתַתִּי אֶתְהֶן לָךְ לְבָנוֹת וְלֹא מִבְּרִיתֵךְ׃ וַהֲקִימוֹתִי אֲנִי
סג אֶת־בְּרִיתִי אִתָּךְ וְיָדַעַתְּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ לְמַעַן תִּזְכְּרִי וָבֹשְׁתְּ

---

מז׳ יתיר י   נא׳ אחותך ק   יתיר י   נג׳ שבת ק
שבית קרי   ושבית קרי   נט׳ ועשיתי קרי

58 דיין שענדלעכקייט און דיינע אומווערדיקייטן–
דו וועסט זיי טראָגן, זאָגט גאָט.

59 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
יאָ, איך וועל טאָן מיט דיר אַזוי ווי דו האָסט געטאָן,
וואָס דו האָסט פאַראַכט די שבועה, צו פאַרשטערן
דעם בונד.
60 אָבער איך וועל זיך דערמאָנען אָן מיין בונד מיט דיר
אין די טעג פון דיין יוגנט,
און וועל דיר אויפשטעלן אַן אייביקן בונד.
61 און וועסט זיך דערמאָנען דיינע וועגן, און זיך שעמען,
ווען דו קריגסט דיינע שוועסטער,
די גרעסערע פון דיר מיט די קלענערע פון דיר;
און איך וועל זיי דיר געבן פאַר טעכטער,
אָבער ניט פון וועגן דיין בונד.
62 און איך וועל אויפשטעלן מיין בונד מיט דיר,
און וועסט וויסן, אַז איך בין יהוה;
63 כדי זאָלסט זיך דערמאָנען, און זיך שעמען,

וְלֹא יִהְיֶה־לָּךְ עוֹד פִּתְחוֹן פֶּה מִפְּנֵי כְּלִמָּתֵךְ בְּכַפְּרִי־לָךְ
לְכָל־אֲשֶׁר עָשִׂית נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃

יז

א ב וַיְהִי דְבַר־יְהֹוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם חוּד חִידָה וּמְשֹׁל
ג מָשָׁל אֶל־בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ וְאָמַרְתָּ כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי יֱהֹוִה
הַנֶּשֶׁר הַגָּדוֹל גְּדוֹל הַכְּנָפַיִם אֶרֶךְ הָאֵבֶר מָלֵא הַנּוֹצָה
אֲשֶׁר־לוֹ הָרִקְמָה בָּא אֶל־הַלְּבָנוֹן וַיִּקַּח אֶת־צַמֶּרֶת הָאָרֶז׃
ד אֵת רֹאשׁ יְנִיקוֹתָיו קָטָף וַיְבִיאֵהוּ אֶל־אֶרֶץ כְּנַעַן בְּעִיר
ה רֹכְלִים שָׂמוֹ׃ וַיִּקַּח מִזֶּרַע הָאָרֶץ וַיִּתְּנֵהוּ בִּשְׂדֵה־זָרַע
ו קָח עַל־מַיִם רַבִּים צַפְצָפָה שָׂמוֹ׃ וַיִּצְמַח וַיְהִי לְגֶפֶן
סֹרַחַת שִׁפְלַת קוֹמָה לִפְנוֹת דָּלִיּוֹתָיו אֵלָיו וְשָׁרָשָׁיו תַּחְתָּיו
ז יִהְיוּ וַתְּהִי לְגֶפֶן וַתַּעַשׂ בַּדִּים וַתְּשַׁלַּח פֹּארוֹת׃ וַיְהִי נֶשֶׁר־
אֶחָד גָּדוֹל גְּדוֹל כְּנָפַיִם וְרַב נוֹצָה וְהִנֵּה הַגֶּפֶן הַזֹּאת
כָּפְנָה שָׁרָשֶׁיהָ עָלָיו וְדָלִיּוֹתָיו שִׁלְּחָה־לּוֹ לְהַשְׁקוֹת אוֹתָהּ
ח מֵעֲרֻגוֹת מַטָּעָהּ׃ אֶל־שָׂדֶה טּוֹב אֶל־מַיִם רַבִּים הִיא
שְׁתוּלָה לַעֲשׂוֹת עָנָף וְלָשֵׂאת פֶּרִי לִהְיוֹת לְגֶפֶן אַדָּרֶת׃
ט אֱמֹר כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה תִּצְלָח הֲלוֹא אֶת־שָׁרָשֶׁיהָ
יְנַתֵּק וְאֶת־פִּרְיָהּ ׀ יְקוֹסֵס וְיָבֵשׁ כָּל־טַרְפֵּי צִמְחָהּ תִּיבָשׁ
וְלֹא־בִזְרֹעַ גְּדוֹלָה וּבְעַם־רָב לְמַשְׂאוֹת אוֹתָהּ מִשָּׁרָשֶׁיהָ׃
י וְהִנֵּה שְׁתוּלָה הֲתִצְלָח הֲלֹא כְגַעַת בָּהּ רוּחַ הַקָּדִים תִּיבַשׁ
יא יָבֹשׁ עַל־עֲרֻגֹת צִמְחָהּ תִּיבָשׁ׃ וַיְהִי דְבַר־יְהֹוָה
יב אֵלַי לֵאמֹר׃ אֱמָר־נָא לְבֵית הַמֶּרִי הֲלֹא יְדַעְתֶּם מָה־
אֵלֶּה אֱמֹר הִנֵּה־בָא מֶלֶךְ־בָּבֶל יְרוּשָׁלִַם וַיִּקַּח אֶת־מַלְכָּהּ
יג וְאֶת־שָׂרֶיהָ וַיָּבֵא אוֹתָם אֵלָיו בָּבֶלָה׃ וַיִּקַּח מִזֶּרַע הַמְּלוּכָה
וַיִּכְרֹת אִתּוֹ בְּרִית וַיָּבֵא אֹתוֹ בְּאָלָה וְאֶת־אֵילֵי הָאָרֶץ לָקָח׃
יד לִהְיוֹת מַמְלָכָה שְׁפָלָה לְבִלְתִּי הִתְנַשֵּׂא לִשְׁמֹר אֶת־
טו בְּרִיתוֹ לְעָמְדָהּ׃ וַיִּמְרָד־בּוֹ לִשְׁלֹחַ מַלְאָכָיו מִצְרַיִם

יז, ז׳ הל׳ יסה ט׳ קמץ בז״ק

און מער אַ מויל ניט עפענען פון וועגן דיין שאַנד,
ווען איך בין דיר מכפר אויף אַלץ וואָס דו האָסט געטאָן,
זאָגט גאָט דער האַר.

יז 1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
2 מענטשנקינד, ראָט אַ רעטעניש,
און גיב אַ משל אויף דעם הויז פון ישׂראל,
3 און זאָלסט זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
דער גרויסער אָדלער
מיט פליגלען גרויסע,
מיט פלעדערן לאַנגע,
מיט פעדערן פול,
וואָס האָט אַלערליי פאַרבן,
איז געקומען צום לבָנון,
און גענומען דעם שפּיץ פון צעדערבוים.
4 דאָס אויבערשטע פון זיינע ריטלעך האָט ער אָפּגעריסן,
און האָט עס געבראַכט אין אַ לאַנד פון סוחרים;
אין אַ שטאָט פון האַנדלסלייט האָט ער עס אַיינגעזעצט.

5 און ער האָט גענומען פון דעם זאָמען פון לאַנד,
און האָט עס אַיינגעפלאַנצט אין אַ זאָמענדיק פעלד,
געבראַכט לעבן וואַסער אַ סך;
ווי אַ ווערבע האָט ער עס אַיינגעזעצט.
6 און עס האָט געשפּראָצט, און איז געוואָרן
אַן אויסגעשפּרייט וויינשטאָק, נידעריק אין וווקס;
כּדי זיינע צווייגן זאָלן זיך קערן צו אים,
און זיינע וואָרצלען זאָלן זיין אונטער אים;
און עס איז געוואָרן אַ וויינשטאָק,
און אַרויסגעבראַכט שטענגלעך,
און אַרויסגעלאָזט צווייגן.

7 און עס איז געווען אַן אַנדער גרויסער אָדלער
מיט פליגלען גרויסע און פעדערן פיל;
ערשט דערדאָזיקער וויינשטאָק
האָט אויסגעבייגט זיינע וואָרצלען צו אים,
און אויסגעשטרעקט זיינע צווייגן צו אים
פון די בייטן פון זיין פלאַנצונג,
כּדי ער זאָל אים אָנטרינקען;
8 הגם אין אַ גוטן פעלד, לעבן וואַסער אַ סך,
איז ער געפלאַנצט געווען,
צו לאָזן צווייגן, און צו טראָגן פרוכט,
צו ווערן אַ פּראַכטיקער וויינשטאָק.
9 זאָג: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
צי וועט ער באַגליקן?
וועט ניט אויסרייסן יענער זיינע וואָרצלען,
און זיין פרוכט אָפּהאַקן, ער זאָל פאַרטריקנט ווערן,
אַלע בלעטער פון זיין שפּראָצונג זאָלן פאַרטריקנט ווערן?
און ניט מיט אַ גרויס מאַכט און ניט מיט פיל פאָלק
וועט ער אים אויספּליקן מיט זיינע וואָרצלען.
10 און איז ער שוין אַיינגעפלאַנצט, צי וועט ער באַגליקן?
פאַרוואָר, ווי דער מזרח־ווינט רירט אים אָן,
וועט ער טרוקן פאַרטריקנט ווערן;
אויף די בייטן פון זיין שפּראָצונג
וועט ער פאַרטריקנט ווערן.
11 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
12 זאָג אַקאָרשט צו דעם ווידערשפּעניקן געזינדל:
ווייסט איר ניט וואָס דידאָזיקע זיינען?
זאָג: אָט איז געקומען דער מלך פון בָבל קיין ירושָלַיִם,
און האָט גענומען איר מלך און אירע האַרן,
און זיי געבראַכט צו זיך קיין בָבל.
13 און ער האָט גענומען [איינעם] פון קיניגלעכן שטאַם,
און האָט געשלאָסן מיט אים אַ בונד,
און אים געבראַכט אונטער אַ שבועה,
און די פּני פון לאַנד האָט ער צוגענומען;
14 כּדי עס זאָל זיין אַ שפּלע מלוכה,
זיך ניט צו דערהייבן;
צו היטן זיין בונד, כּדי זי זאָל באַשטיין.
15 אָבער ער האָט ווידערשפּעניקט אָן אים,
צו שיקן זיינע שלוחים קיין מִצרַיִם,

אַז מע זאָל אים געבן פערד און פיל פאָלק.
זאָל ער באַגליקן?
זאָל אַנטרונען ווערן דער וואָס טוט דאָסדאָזיקע?
זאָל ער פאַרשטערן דעם בונד, און אַנטרונען ווערן?
16 אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט דער האַר,
אויב ניט אין דעם אָרט פון דעם מלך
וואָס האָט אים צום מלך געמאַכט,
וועמעס שבועה ער האָט פאַראַכט,
און וועמעס בונד ער האָט פאַרשטערט—
ביי אים אין בָבל וועט ער שטאַרבן!
17 און ניט מיטן גרויסן חיל און מיטן פיל געזעמל
וועט פַרעה אים ביישטיין אין מלחמה,
ווען מע שיט אָן אַן ערדוואַל און מע בויט אַ באַלעגער־
מויער,
צו פאַרשניידן נפשות אַ סך;
18 ווייל ער האָט פאַראַכט די שבועה,
צו פאַרשטערן דעם בונד,
און אָט האָט ער געגעבן זיין האַנט,
און האָט געטאָן אַלדאָסדאָזיקע,
וועט ער ניט אַנטרונען ווערן.
19 פאַרוואָר, אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
אַזוי ווי איך לעב, מיין שבועה וואָס ער האָט פאַראַכט,
און מיין בונד וואָס ער האָט פאַרשטערט—
אויב איך וועל עס ניט פאַרגעלטן אויף זיין קאָפ!
20 און איך וועל פאַרשפרייטן אויף אים מיין נעץ,
און ער וועט געפאַנגען ווערן אין מיין פאַסטקע,
און איך וועל אים ברענגען קיין בָבל,
און וועל זיך משפטן מיט אים דאָרטן
פאַר זיין פעלשונג וואָס ער האָט געפעלשט אָן מיר.
21 און אַלע זיינע אַנטלאָפענע אין אַלע זיינע מחנות,
זיי וועלן פאַלן דורכן שווערד,
און די געבליבענע וועלן אויף אַלע ווינטן צעשפרייט
ווערן;
און איר וועט וויסן אַז איך יהוה האָב גערעדט.

לָתֶת־לוֹ סוּסִים וְעַם־רָב הֲיִצְלָח הֲיִמָּלֵט הָעֹשֵׂה אֵלֶּה
טז וְהֵפֵר בְּרִית וְנִמְלָט׃ חַי־אָנִי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה אִם־לֹא
בִּמְקוֹם הַמֶּלֶךְ הַמַּמְלִיךְ אֹתוֹ אֲשֶׁר בָּזָה אֶת־אָלָתוֹ וַאֲשֶׁר
יז הֵפֵר אֶת־בְּרִיתוֹ אִתּוֹ בְתוֹךְ־בָּבֶל יָמוּת׃ וְלֹא בְחַיִל גָּדוֹל
וּבְקָהָל רָב יַעֲשֶׂה אוֹתוֹ פַרְעֹה בַּמִּלְחָמָה בִּשְׁפֹּךְ סֹלְלָה
יח וּבִבְנוֹת דָּיֵק לְהַכְרִית נְפָשׁוֹת רַבּוֹת׃ וּבָזָה אָלָה לְהָפֵר
בְּרִית וְהִנֵּה נָתַן יָדוֹ וְכָל־אֵלֶּה עָשָׂה לֹא יִמָּלֵט׃
יט לָכֵן כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה חַי־אָנִי אִם־לֹא אָלָתִי אֲשֶׁר בָּזָה
כ וּבְרִיתִי אֲשֶׁר הֵפִיר וּנְתַתִּיו בְּרֹאשׁוֹ׃ וּפָרַשְׂתִּי עָלָיו רִשְׁתִּי
וְנִתְפַּשׂ בִּמְצוּדָתִי וַהֲבִיאוֹתִיהוּ בָבֶלָה וְנִשְׁפַּטְתִּי אִתּוֹ שָׁם
כא מַעֲלוֹ אֲשֶׁר מָעַל־בִּי׃ וְאֵת כָּל־מִבְרָחָו בְּכָל־אֲגַפָּיו
בַּחֶרֶב יִפֹּלוּ וְהַנִּשְׁאָרִים לְכָל־רוּחַ יִפָּרֵשׂוּ וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי
כב יְהוָה דִּבַּרְתִּי׃ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה וְלָקַחְתִּי אָנִי
מִצַּמֶּרֶת הָאֶרֶז הָרָמָה וְנָתָתִּי מֵרֹאשׁ יֹנְקוֹתָיו רַךְ אֶקְטֹף
כג וְשָׁתַלְתִּי אָנִי עַל הַר־גָּבֹהַּ וְתָלוּל׃ בְּהַר מְרוֹם יִשְׂרָאֵל
אֶשְׁתֳּלֶנּוּ וְנָשָׂא עָנָף וְעָשָׂה פֶרִי וְהָיָה לְאֶרֶז אַדִּיר וְשָׁכְנוּ
כד תַחְתָּיו כֹּל צִפּוֹר כָּל־כָּנָף בְּצֵל דָּלִיּוֹתָיו תִּשְׁכֹּנָּה׃ וְיָדְעוּ
כָּל־עֲצֵי הַשָּׂדֶה כִּי אֲנִי יְהוָה הִשְׁפַּלְתִּי ׀ עֵץ גָּבֹהַּ הִגְבַּהְתִּי
עֵץ שָׁפָל הוֹבַשְׁתִּי עֵץ לָח וְהִפְרַחְתִּי עֵץ יָבֵשׁ אֲנִי יְהוָה
דִּבַּרְתִּי וְעָשִׂיתִי׃

## יח

א וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ מַה־לָּכֶם אַתֶּם מֹשְׁלִים אֶת־
ב הַמָּשָׁל הַזֶּה עַל־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר אָבוֹת יֹאכְלוּ בֹסֶר
ג וְשִׁנֵּי הַבָּנִים תִּקְהֶינָה׃ חַי־אָנִי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה אִם־יִהְיֶה
ד לָכֶם עוֹד מְשֹׁל הַמָּשָׁל הַזֶּה בְּיִשְׂרָאֵל׃ הֵן כָּל־הַנְּפָשׁוֹת
לִי הֵנָּה כְּנֶפֶשׁ הָאָב וּכְנֶפֶשׁ הַבֵּן לִי־הֵנָּה הַנֶּפֶשׁ הַחֹטֵאת
ה הִיא תָמוּת׃ וְאִישׁ כִּי־יִהְיֶה צַדִּיק וְעָשָׂה מִשְׁפָּט וּצְדָקָה׃

יז, טו׳ קמץ בלא אתנח   כא׳ מברחו קרי   כ״ב׳ הפטרת האזינו לקצת קהלות

22 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
און איך אַליין וועל נעמען פון הויכן צעדערשפּיץ,
און וועל עס איינזעצן;
פון זיינע אויבערשטע ריטלעך וועל איך אַ יונגס אָפרייסן,
און איך אַליין וועל עס איינפלאַנצן
אויף אַ הויכן און דערהויבענעם באַרג.
23 אויף דעם הויכן באַרג פון ישׂראל וועל איך עס איינ־
פלאַנצן,
און עס וועט טראָגן צווייגן, און ברענגען פרוכט,
און ווערן אַ פּראַכטיקער צעדערבוים;
און אונטער אים וועלן רוען
אַלע פויגלען פון אַלערליי פליגלען;
אין שאָטן פון זיינע צווייגן וועלן זיי רוען.
24 און אַלע ביימער פון פעלד וועלן וויסן
אַז איך יהוה האָב דערנידערט דעם הויכן בוים,
דערהויכט דעם נידעריקן בוים,
פאַרטריקנט דעם פייכטן בוים,
און געמאַכט בליען דעם פאַרטריקנטן בוים;
איך יהוה האָב גערעדט און האָב געטאָן.

**יח** 1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן: 2 וואָס איז מיט אייך וואָס איר זאָגט דאָסדאָזיקע ווערטל
אין לאַנד פון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן:

די פאָטערס האָבן געגעסן זויערע ווייַנטרויבן,
און די ציין פון די קינדער זיינען האַיליק?

3 אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט דער האַר, אויב מע וועט מער ביי אייך זאָגן דאָסדאָזיקע ווערטל אין ישׂראל! 4 זעט, אַלע
נפשות זיינען מיינע; דער נפש פון דעם פאָטער אַזוי ווי דער נפש פון דעם זון איז מיינער; דער נפש וואָס זינדיקט, ער זאָל
שטאַרבן.
5 און אַז אַ מאַן איז אַ צדיק, און ער טוט רעכט און גערעכטיקייט; 6 אויף די בערג האָט ער ניט געגעסן,

ו אֶל־הֶהָרִים לֹא אָכָל וְעֵינָיו לֹא נָשָׂא אֶל־גִּלּוּלֵי בֵּית
יִשְׂרָאֵל וְאֶת־אֵשֶׁת רֵעֵהוּ לֹא טִמֵּא וְאֶל־אִשָּׁה נִדָּה לֹא
ז יִקְרָב׃ וְאִישׁ לֹא יוֹנֶה חֲבֹלָתוֹ חוֹב יָשִׁיב גְּזֵלָה לֹא יִגְזֹל
ח לַחְמוֹ לְרָעֵב יִתֵּן וְעֵירֹם יְכַסֶּה־בָּגֶד׃ בַּנֶּשֶׁךְ לֹא־יִתֵּן
וְתַרְבִּית לֹא יִקָּח מֵעָוֶל יָשִׁיב יָדוֹ מִשְׁפַּט אֱמֶת יַעֲשֶׂה
ט בֵּין אִישׁ לְאִישׁ׃ בְּחֻקּוֹתַי יְהַלֵּךְ וּמִשְׁפָּטַי שָׁמַר לַעֲשׂוֹת
י אֱמֶת צַדִּיק הוּא חָיֹה יִחְיֶה נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃ וְהוֹלִיד בֵּן־
יא פָּרִיץ שֹׁפֵךְ דָּם וְעָשָׂה אָח מֵאַחַד מֵאֵלֶּה׃ וְהוּא אֶת־
כָּל־אֵלֶּה לֹא עָשָׂה כִּי גַם אֶל־הֶהָרִים אָכַל וְאֶת־אֵשֶׁת
יב רֵעֵהוּ טִמֵּא׃ עָנִי וְאֶבְיוֹן הוֹנָה גְּזֵלוֹת גָּזָל חֲבֹל לֹא יָשִׁיב
יג וְאֶל־הַגִּלּוּלִים נָשָׂא עֵינָיו תּוֹעֵבָה עָשָׂה׃ בַּנֶּשֶׁךְ נָתַן
וְתַרְבִּית לָקַח וָחָי לֹא יִחְיֶה אֵת כָּל־הַתּוֹעֵבוֹת הָאֵלֶּה
יד עָשָׂה מוֹת יוּמָת דָּמָיו בּוֹ יִהְיֶה׃ וְהִנֵּה הוֹלִיד בֵּן וַיַּרְא
אֶת־כָּל־חַטֹּאת אָבִיו אֲשֶׁר עָשָׂה וַיִּרְאֶ וְלֹא יַעֲשֶׂה כָּהֵן׃
טו עַל־הֶהָרִים לֹא אָכָל וְעֵינָיו לֹא נָשָׂא אֶל־גִּלּוּלֵי בֵּית
טז יִשְׂרָאֵל אֶת־אֵשֶׁת רֵעֵהוּ לֹא טִמֵּא׃ וְאִישׁ לֹא הוֹנָה חֲבֹל
לֹא חָבָל וּגְזֵלָה לֹא גָזָל לַחְמוֹ לְרָעֵב נָתָן וְעֵרוֹם כִּסָּה־
יז בָגֶד׃ מֵעָנִי הֵשִׁיב יָדוֹ נֶשֶׁךְ וְתַרְבִּית לֹא לָקָח מִשְׁפָּטַי
עָשָׂה בְּחֻקּוֹתַי הָלָךְ הוּא לֹא יָמוּת בַּעֲוֺן אָבִיו חָיֹה יִחְיֶה׃
יח אָבִיו כִּי־עָשַׁק עֹשֶׁק גָּזַל גֵּזֶל אָח וַאֲשֶׁר לֹא־טוֹב עָשָׂה
יט בְּתוֹךְ עַמָּיו וְהִנֵּה־מֵת בַּעֲוֺנוֹ׃ וַאֲמַרְתֶּם מַדֻּעַ לֹא־נָשָׂא
הַבֵּן בַּעֲוֺן הָאָב וְהַבֵּן מִשְׁפָּט וּצְדָקָה עָשָׂה אֵת כָּל־חֻקּוֹתַי
כ שָׁמַר וַיַּעֲשֶׂה אֹתָם חָיֹה יִחְיֶה׃ הַנֶּפֶשׁ הַחֹטֵאת הִיא תָמוּת
בֵּן לֹא־יִשָּׂא ׀ בַּעֲוֺן הָאָב וְאָב לֹא יִשָּׂא בַּעֲוֺן הַבֵּן צִדְקַת
הַצַּדִּיק עָלָיו תִּהְיֶה וְרִשְׁעַת רָשָׁע עָלָיו תִּהְיֶה׃
כא וְהָרָשָׁע כִּי יָשׁוּב מִכָּל־חַטֹּאתָו אֲשֶׁר עָשָׂה וְשָׁמַר אֶת־
כָּל־חֻקּוֹתַי וְעָשָׂה מִשְׁפָּט וּצְדָקָה חָיֹה יִחְיֶה לֹא יָמוּת׃

---

ו׳ ח׳ קמץ בז״ק   י׳ צירי בסמך   יב׳ יג׳ קמץ בז״ק
יד׳ ויראה קרי   טו׳ טז׳ יז׳ קמץ בז״ק   כ׳ ורשע ס   כא׳ חטאתיו ק

און זיינע אויגן האָט ער ניט אויפגעהויבן צו די אָפּגעטער פון דעם הויז פון ישׂראל, און די ווייב פון זיין חבר האָט ער ניט פאַראומריייניקט, און צו אַ פרוי אין איר אומריינקייט גענענט ער ניט; 7 און קיין מענטשן קריוודעט ער ניט, פאַרמשכונטס ביי אים פאַר אַ חוב קערט ער אום, גזלה גולט ער ניט; זיין ברויט גיט ער דעם הונגעריקן, און דעם נאַקעטן דעקט ער צו מיט אַ בגד; 8 אויף צינזן גיט ער ניט, און מערונג נעמט ער ניט, פון אומרעכט קערט ער אָפּ זיין האַנט; אמתע גערעכטיקייט טוט ער צווישן מאַן און מאַן; 9 אין מיינע חוקים גייט ער, און מיינע געזעצן האָט ער געהיט, צו טאָן דעם אמת–ער איז אַ צדיק; לעבן וועט ער לעבן, זאָגט גאָט דער האַר.

10 אָבער אַז ער האָט געבאָרן אַ זון אַ רויבער, אַ בלוטפאַרגיסער, וואָס טוט דעם ברודער איינס פון די־דאָזיקע, 11 הגם ער אַליין האָט אַלע דידאָזיקע ניט געטאָן; וואָרום דער האָט יאָ געגעסן אויף די בערג, און די ווייב פון זיין חבר האָט ער פאַראומרייניקט; 12 דעם אָרימאַן און דעם אביון האָט ער געקריוודעט, גזלות האָט ער גענזלט, אַ משכון קערט ער ניט אום, און צו די אָפּגעטער האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן; אומווערדיקייט האָט ער געטאָן, 13 אויף צינזן האָט ער געגעבן, און מערונג האָט ער גענומען–זאָל ער בלייבן לעבן? ער וועט ניט לעבן; אַלע דידאָזיקע אומווערדיקייטן האָט ער געטאָן, מוז ער טייטן געטייט ווערן, זיין בלוט זאָל זיין אויף אים.

14 און אָט האָט ער געבאָרן אַ זון וואָס האָט צוגעזען אַלע זינד פון זיין פאָטער וואָס ער האָט געטאָן, און ער האָט איינגעזען, און ער טוט ניט אַזוינס; 15 אויף די בערג האָט ער ניט געגעסן, און זיינע אויגן האָט ער ניט אויפגעהויבן צו די אָפּגעטער פון דעם הויז פון ישׂראל; די ווייב פון זיין חבר האָט ער ניט פאַראומרייניקט, 16 און קיין מענטשן האָט ער ניט געקריוודעט; אַ משכון האָט ער ניט גענומען, און גזלה האָט ער ניט גענזלט; זיין ברויט האָט ער געגעבן דעם הונגעריקן, און דעם נאַקעטן האָט ער צוגעדעקט מיט אַ בגד; 17 פון אָרימאַן האָט ער אָפּגעהאַלטן זיין האַנט, צינזן און מערונג האָט ער ניט גענומען, מיינע געזעצן האָט ער געטאָן, אין מיינע חוקים איז ער געגאַנגען–ער וועט ניט שטאַרבן פאַר די זינד פון זיין פאָטער; לעבן וועט ער לעבן. 18 זיין פאָטער, וויל דריקן האָט ער גדריקט, גזלה פון ברודער האָט ער געגזלט, און וואָס ניט גוט האָט ער געטאָן צווישן זיין פאָלק, איז, אָט איז ער געשטאָרבן פאַר זיין זינד. 19 און איר זאָגט: פאַרוואָס ליידט ניט דער זון פאַר דער זינד פון דעם פאָטער? אָבער דער זון האָט געטאָן רעכט און גערעכטיקייט, אַלע מיינע געזעצן האָט ער געהיט און זיי געטאָן; לעבן דאַרף ער לעבן. 20 דער נפש וואָס זינדיקט, ער זאָל שטאַרבן; אַ זון זאָל ניט ליידן פאַר דער זינד פון דעם פאָטער, און אַ פאָטער זאָל ניט ליידן פאַר דער זינד פון דעם זון; די גערעכטיקייט פון דעם גערעכטן זאָל זיין אויף אים, און די שלעכטיקייט פון דעם שלעכטן זאָל זיין אויף אים.

21 און דער שלעכטער, אַז ער קערט זיך אָפּ פון אַלע זיינע זינד וואָס ער האָט געטאָן, און ער היט אַלע מיינע געזעצן, און טוט רעכט און גערעכטיקייט, וועט ער געוויס לעבן; ער וועט ניט שטאַרבן. 22 אַלע זיינע

כב כָּל־פְּשָׁעָיו אֲשֶׁר עָשָׂה לֹא יִזָּכְרוּ לוֹ בְּצִדְקָתוֹ אֲשֶׁר־עָשָׂה
כג יִחְיֶה׃ הֶחָפֹץ אֶחְפֹּץ מוֹת רָשָׁע נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה הֲלוֹא
כד בְּשׁוּבוֹ מִדְּרָכָיו וְחָיָה׃ וּבְשׁוּב צַדִּיק מִצִּדְקָתוֹ
וְעָשָׂה עָוֶל כְּכֹל הַתּוֹעֵבוֹת אֲשֶׁר־עָשָׂה הָרָשָׁע יַעֲשֶׂה וָחָי
כָּל־צִדְקֹתָו אֲשֶׁר־עָשָׂה לֹא תִזָּכַרְנָה בְּמַעֲלוֹ אֲשֶׁר־מָעַל
כה וּבְחַטָּאתוֹ אֲשֶׁר־חָטָא בָּם יָמוּת׃ וַאֲמַרְתֶּם לֹא יִתָּכֵן דֶּרֶךְ
אֲדֹנָי שִׁמְעוּ־נָא בֵּית יִשְׂרָאֵל הֲדַרְכִּי לֹא יִתָּכֵן הֲלֹא
כו דַּרְכֵיכֶם לֹא יִתָּכֵנוּ׃ בְּשׁוּב־צַדִּיק מִצִּדְקָתוֹ וְעָשָׂה עָוֶל
כז וּמֵת עֲלֵיהֶם בְּעַוְלוֹ אֲשֶׁר־עָשָׂה יָמוּת׃ וּבְשׁוּב רָשָׁע
מֵרִשְׁעָתוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה וַיַּעַשׂ מִשְׁפָּט וּצְדָקָה הוּא אֶת־נַפְשׁוֹ
כח יְחַיֶּה׃ וַיִּרְאֶה וַיָּשׁוֹב מִכָּל־פְּשָׁעָיו אֲשֶׁר עָשָׂה חָיוֹ יִחְיֶה
כט לֹא יָמוּת׃ וְאָמְרוּ בֵּית יִשְׂרָאֵל לֹא יִתָּכֵן דֶּרֶךְ אֲדֹנָי
הַדְּרָכַי לֹא יִתָּכְנוּ בֵּית יִשְׂרָאֵל הֲלֹא דַרְכֵיכֶם לֹא יִתָּכֵן׃
ל לָכֵן אִישׁ כִּדְרָכָיו אֶשְׁפֹּט אֶתְכֶם בֵּית יִשְׂרָאֵל נְאֻם אֲדֹנָי
יֱהֹוִה שׁוּבוּ וְהָשִׁיבוּ מִכָּל־פִּשְׁעֵיכֶם וְלֹא־יִהְיֶה לָכֶם
לא לְמִכְשׁוֹל עָוֹן׃ הַשְׁלִיכוּ מֵעֲלֵיכֶם אֶת־כָּל־פִּשְׁעֵיכֶם אֲשֶׁר
פְּשַׁעְתֶּם בָּם וַעֲשׂוּ לָכֶם לֵב חָדָשׁ וְרוּחַ חֲדָשָׁה וְלָמָּה
לב תָמֻתוּ בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ כִּי לֹא אֶחְפֹּץ בְּמוֹת הַמֵּת נְאֻם אֲדֹנָי
יֱהֹוִה וְהָשִׁיבוּ וִחְיוּ׃

## יט

א ב וְאַתָּה שָׂא קִינָה אֶל־נְשִׂיאֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְאָמַרְתָּ מָה אִמְּךָ
לְבִיָּא בֵּין אֲרָיוֹת רָבָצָה בְּתוֹךְ כְּפִרִים רִבְּתָה גוּרֶיהָ׃
ג וַתַּעַל אֶחָד מִגֻּרֶיהָ כְּפִיר הָיָה וַיִּלְמַד לִטְרָף־טֶרֶף אָדָם
ד אָכָל׃ וַיִּשְׁמְעוּ אֵלָיו גּוֹיִם בְּשַׁחְתָּם נִתְפָּשׂ וַיְבִאֻהוּ בַחַחִים
ה אֶל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַתֵּרֶא כִּי נוֹחֲלָה אָבְדָה תִּקְוָתָהּ וַתִּקַּח
ו אֶחָד מִגֻּרֶיהָ כְּפִיר שָׂמָתְהוּ׃ וַיִּתְהַלֵּךְ בְּתוֹךְ־אֲרָיוֹת כְּפִיר
ז הָיָה וַיִּלְמַד לִטְרָף־טֶרֶף אָדָם אָכָל׃ וַיֵּדַע אַלְמְנוֹתָיו

יח, כד׳ צדקתו ק    כח׳ יחיו ו׳    לב׳ עד כאן

פאַרברעכן וואָס ער האָט געטאָן, וועלן אים ניט דערמאָנט
ווערן; פאַר זיין גערעכטיקייט וואָס ער האָט געטאָן, וועט
ער לעבן. [23] טו איך דען באַגערן דעם טויט פון דעם
שלעכטן? זאָגט גאָט דער האַר, און ניט אַז ער זאָל זיך אומ-
קערן פון זיינע וועגן, און לעבן?
[24] און אַז דער גערעכטער קערט זיך אָפּ פון זיין
גערעכטיקייט, און טוט אומרעכט—אַזוי ווי אַלע אומ-
ווערדיקייטן וואָס דער שלעכטער האָט געטאָן טוט ער,
זאָל ער דען בלייבן לעבן? אַלע זיינע גערעכטיקייטן וואָס
ער האָט געטאָן, וועלן ניט דערמאָנט ווערן; פאַר זיין
פעלשונג וואָס ער האָט געפעלשט, און פאַר זיין זינד וואָס
ער האָט געזינדיקט, פאַר זיי מוז ער שטאַרבן. [25] און איר
זאָגט: ניט ריכטיק איז דער וועג פון גאָט. הערט אַקאָרשט,
איר הויז פון ישראל, איז דען מיין וועג ניט ריכטיק?
פאַרוואָר, אײַערע וועגן זיינען ניט ריכטיק. [26] אַז דער
גערעכטער קערט זיך אָפּ פון זיין גערעכטיקייט, און טוט
אומרעכט, מוז ער דערפאַר שטאַרבן; פאַר זיין אומרעכט
וואָס ער האָט געטאָן, מוז ער שטאַרבן. [27] און אַז דער
שלעכטער קערט זיך אָפּ פון זיין שלעכטיקייט וואָס ער
האָט געטאָן, און טוט רעכט און גערעכטיקייט, ראַטעוועט
ער זיין נפש. [28] ווייל ער האָט זיך אַרומגעזען, און האָט
זיך אומגעקערט פון אַלע זיינע פאַרברעכן וואָס ער האָט
געטאָן, וועט ער געוויס לעבן; ער וועט ניט שטאַרבן.
[29] און דאָס הויז פון ישראל זאָגט: ניט ריכטיק איז דער וועג
פון גאָט. זיינען דען מיינע וועגן ניט ריכטיק, הויז פון
ישראל? פאַרוואָר, אײַערע וועגן זיינען ניט ריכטיק.
[30] דרום וועל איך איטלעכן לויט זיינע וועגן אײַך משפטן,
הויז פון ישראל, זאָגט גאָט דער האַר. קערט צוריק און
קערט אײַך אום פון אַלע אײַערע פאַרברעכן, און זאָל
עס אײַך ניט זיין פאַר אַ שטרויכלונג צו זינד. [31] וואַרפט
אַראָפּ פון אײַך אַלע אײַערע פאַרברעכן וואָס איר האָט פאַרבראָכן מיט זיי, און מאַכט אײַך אַ נײַ האַרץ, און אַ נײַ
געמיט; נאָך וואָס זאָלט איר שטאַרבן, הויז פון ישראל? [32] וואָרום איך באַגער ניט דעם טויט פון דעם וואָס שטאַרבט,
זאָגט גאָט דער האַר; דרום קערט אײַך אום, און בלייבט לעבן.

יט [1] און דו הייב אויף אַ קלאָג אויף די פירשטן פון ישראל, [2] און זאָלסט זאָגן:

ווי איז דיין מוטער אַ לייבינטע געווען!
צווישן לייבן האָט זי געהויערט,
צווישן יונגלייבן
האָט זי אירע יונגע דערצויגן.
[3] און זי האָט אויפגעבראַכט איינעם פון אירע
יונגע,
אַ יונגלייב איז ער געוואָרן;
און ער האָט זיך אויסגעלערנט רויב פאַרצוקן,
מענטשן האָט ער געגעסן.
[4] האָבן זיך אײַנגעזאַמלט אויף אים פעלקער—
אין זייער גרוב איז ער געכאַפּט געוואָרן;
און זיי האָבן אים מיט רינגען
קיין לאַנד מִצרַיִם געבראַכט.
[5] און זי האָט געזען אַז אומזיסט האָט זי געהאַרט,
פאַרלאָרן איז איר האָפנונג,
האָט זי ווידער גענומען איינעם פון אירע יונגע,
פאַר אַ יונגלייב האָט זי אים געמאַכט.
[6] און ער איז אומגעגאַנגען צווישן לייבן,
אַ יונגלייב איז ער געוואָרן;
און ער האָט זיך אויסגעלערנט רויב פאַרצוקן,
מענטשן האָט ער געגעסן.
[7] און ער האָט געמערקט זייערע פּאַלאַצן,

ח וְעָרֵיהֶם הֶחֱרִיב וַתֵּשַׁם אֶרֶץ וּמְלֹאָהּ מִקּוֹל שַׁאֲגָתוֹ׃ וַיִּתְּנוּ
עָלָיו גּוֹיִם סָבִיב מִמְּדִינוֹת וַיִּפְרְשׂוּ עָלָיו רִשְׁתָּם בְּשַׁחְתָּם
ט נִתְפָּשׂ׃ וַיִּתְּנֻהוּ בַסּוּגַר בַּחַחִים וַיְבִאֻהוּ אֶל־מֶלֶךְ בָּבֶל
יְבִאֻהוּ בַּמְּצֹדוֹת לְמַעַן לֹא־יִשָּׁמַע קוֹלוֹ עוֹד אֶל־הָרֵי
י יִשְׂרָאֵל׃ אִמְּךָ כַגֶּפֶן בְּדָמְךָ עַל־מַיִם שְׁתוּלָה פֹּרִיָּה
יא וַעֲנֵפָה הָיְתָה מִמַּיִם רַבִּים׃ וַיִּהְיוּ־לָהּ מַטּוֹת עֹז אֶל־שִׁבְטֵי
מֹשְׁלִים וַתִּגְבַּהּ קוֹמָתוֹ עַל־בֵּין עֲבֹתִים וַיֵּרָא בְגָבְהוֹ בְּרֹב
יב דָּלִיֹּתָיו׃ וַתֻּתַּשׁ בְּחֵמָה לָאָרֶץ הֻשְׁלָכָה וְרוּחַ הַקָּדִים הוֹבִישׁ
יג פִּרְיָהּ הִתְפָּרְקוּ וְיָבֵשׁוּ מַטֵּה עֻזָּהּ אֵשׁ אֲכָלָתְהוּ׃ וְעַתָּה
יד שְׁתוּלָה בַמִּדְבָּר בְּאֶרֶץ צִיָּה וְצָמָא׃ וַתֵּצֵא אֵשׁ מִמַּטֵּה
בַדֶּיהָ פִּרְיָהּ אָכָלָה וְלֹא־הָיָה בָהּ מַטֵּה־עֹז שֵׁבֶט לִמְשׁוֹל
קִינָה הִיא וַתְּהִי לְקִינָה׃

## כ

א וַיְהִי ׀ בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִית בַּחֲמִשִׁי בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ בָּאוּ
אֲנָשִׁים מִזִּקְנֵי יִשְׂרָאֵל לִדְרֹשׁ אֶת־יְהוָה וַיֵּשְׁבוּ לְפָנָי׃
ב וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ ג בֶּן־אָדָם דַּבֵּר אֶת־זִקְנֵי
יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה הֲלִדְרֹשׁ
אֹתִי אַתֶּם בָּאִים חַי־אָנִי אִם־אִדָּרֵשׁ לָכֶם נְאֻם אֲדֹנָי
ד יֱהוִה׃ הֲתִשְׁפֹּט אֹתָם הֲתִשְׁפּוֹט בֶּן־אָדָם אֶת־תּוֹעֲבֹת
ה אֲבוֹתָם הוֹדִיעֵם׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה
בְּיוֹם בָּחֳרִי בְיִשְׂרָאֵל וָאֶשָּׂא יָדִי לְזֶרַע בֵּית יַעֲקֹב וָאִוָּדַע
לָהֶם בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וָאֶשָּׂא יָדִי לָהֶם לֵאמֹר אֲנִי יְהוָה
ו אֱלֹהֵיכֶם׃ בַּיּוֹם הַהוּא נָשָׂאתִי יָדִי לָהֶם לְהוֹצִיאָם מֵאֶרֶץ
מִצְרָיִם אֶל־אֶרֶץ אֲשֶׁר־תַּרְתִּי לָהֶם זָבַת חָלָב וּדְבַשׁ צְבִי
ז הִיא לְכָל־הָאֲרָצוֹת׃ וָאֹמַר אֲלֵהֶם אִישׁ שִׁקּוּצֵי עֵינָיו
הַשְׁלִיכוּ וּבְגִלּוּלֵי מִצְרַיִם אַל־תִּטַּמָּאוּ אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃
ח וַיַּמְרוּ־בִי וְלֹא אָבוּ לִשְׁמֹעַ אֵלַי אִישׁ אֶת־שִׁקּוּצֵי עֵינֵיהֶם

יט, יד׳ קמץ בז״ק  כ, ב׳ הפטרת קדושים לספרדים

אוּן פֿאַרוויסט זייערע שטעט;
אוּן דאָס לאַנד מיט איר פֿוּלקייט איז חָרֵב געוואָרן
פֿוּן דעם קָול פֿוּן זיין ברילן.
8 האָבן זיך פֿעלקער אַ לאָז געטאָן אויף אים,
רונד אַרום פֿוּן די מדינות,
אוּן אויסגעשפּרייט אויף אים זייער נעץ–
אין זייער גרוּב איז ער געכאַפּט געוואָרן.
9 אוּן זיי האָבן אים אַריינגעטאָן אין אַ שטייג מיט רינגען,
אוּן אים געבראַכט צוּ דעם מלך פֿוּן בָּבֶל;
אים געבראַכט אין פֿעסטוּנגען,
כּדי זיין קָול זאָל ניט געהערט ווערן מער
אויף די בערג פֿוּן ישׂראל.

10 דיין מוּטער איז–צוּגלייכנדיק–געווען ווי אַ ווײַנשטאָק
ביי וואַסער געפֿלאַנצט;
פֿרוּכטיק אוּן צווייגהאַפֿטיק
איז ער פֿוּן פֿיל וואַסער געווען.
11 אוּן ער האָט געהאַט שטאַרקע שטאָקן,
פֿאַר צעפּטערס פֿוּן געוועלטיקער;
אוּן זיין וווּקס האָט זיך אויפֿגעהויבן
פֿוּן צווישן געדיכטענישן,
אוּן ער האָט זיך אָנגעזען מיט זיין הייך,
מיט די פֿיל צווייגן זיינע.
12 אָבער ער איז אויסגעריסן געוואָרן מיט גרימצאָרן,
צוּ דער ערד איז ער אַנידערגעוואָרפֿן געוואָרן;
אוּן דער מזרח־ווינט האָט פֿאַרטריקנט זיין פֿרוּכט,
צעבראָכן אוּן פֿאַרטריקנט געוואָרן
זיינען זיינע שטאַרקע שטאָקן,
אַ פֿייער האָט אים פֿאַרצערט.
13 אוּן אַצוּנד איז ער אין מדבּר געפֿלאַנצט,
אין אַ לאַנד פֿוּן טריקעניש אוּן דאָרשטיקייט.
14 אוּן אַ פֿייער איז אַרויס פֿוּן זיין צווייגנשטאָק,
זיין פֿרוּכט האָט עס פֿאַרצערט,
אוּן ניטאָ אין אים אַ שטאַרקער שטאָק,
אַ צעפּטער צוּם געוועלטיקן.

אַ קלאָגליד איז דאָס,
אוּן געבליבן צוּם קלאָגליד.

## כ

1 אוּן עס איז געווען אין זיבעטן יאָר, אין פֿינפֿטן חודש, אין צענטן טאָג פֿוּן חודש, זיינען געקוּמען מענער פֿוּן די עלטסטע פֿוּן ישׂראל צוּ פֿרעגן ביי גאָט, אוּן זיי זיינען געזעסן פֿאַר מיר. 2 אוּן דאָס וואָרט פֿוּן גאָט איז געווען צוּ מיר, אַזוי צוּ זאָגן: 3 מענטשנקינד, רעד צוּ די עלטסטע פֿוּן ישׂראל, אוּן זאָלסט זאָגן צוּ זיי: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: פֿרעגן ביי מיר זייט איר געקוּמען? אַזוי ווי איך לעב, אויב איך וועל זיך לאָזן פֿרעגן פֿוּן אייך! זאָגט גאָט דער האַר. 4 ווילסטוּ זיי משפּטן? ווילסטוּ משפּטן, מענטשנקינד? לאָז זיי וויסן די אומווערדיקייטן פֿוּן זייערע עלטערן. 5 אוּן זאָלסט זאָגן צוּ זיי: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: אין דעם טאָג וואָס איך האָב אויסדערוויילט ישׂראל, אוּן איך האָב אויפֿגעהויבן מיין האַנט[א] צוּ דעם זאָמען פֿוּן דעם הויז פֿוּן יעקב, אוּן האָב זיך געלאָזט דערקענען צוּ זיי אין לאַנד מִצרַיִם, האָב איך אויפֿגעהויבן מיין האַנט צוּ זיי, אַזוי צוּ זאָגן: איך בין יהוה אַייער גאָט. 6 אין יענעם טאָג האָב איך אויפֿגעהויבן מיין האַנט צוּ זיי, זיי אַרויסצוּציען פֿוּן לאַנד מִצרַיִם אין אַ לאַנד וואָס איך האָב אויסגעזוּכט פֿאַר זיי, וואָס פֿליסט מיט מילך אוּן האָניק, וואָס איז דאָס שיינגדל פֿוּן אַלע לענדער. 7 אוּן איך האָב צוּ זיי געזאָגט: וואַרפֿט אַוועק איטלעכער די אומווערדיקייטן פֿוּן זיינע אויגן, אוּן מיט די אָפּגעטער פֿוּן מִצרַיִם זאָלט איר אייך ניט פֿאַראוּמרייניקן; איך בין יהוה אַייער גאָט. 8 אָבער זיי האָבן ווידערשפּעניקט אָן מיר, אוּן זיי האָבן ניט געוואָלט צוּהערן צוּ מיר; זיי האָבן ניט אַוועקגעוואָרפֿן איטלעכער די

[א] געשוואָרן.

לֹא הִשְׁלִיכוּ וְאֶת־גִּלּוּלֵי מִצְרַיִם לֹא עָזָבוּ וָאֹמַר לִשְׁפֹּךְ
חֲמָתִי עֲלֵיהֶם לְכַלּוֹת אַפִּי בָּהֶם בְּתוֹךְ אֶרֶץ מִצְרָיִם׃
ט וָאַעַשׂ לְמַעַן שְׁמִי לְבִלְתִּי הֵחֵל לְעֵינֵי הַגּוֹיִם אֲשֶׁר־הֵמָּה
בְתוֹכָם אֲשֶׁר נוֹדַעְתִּי אֲלֵיהֶם לְעֵינֵיהֶם לְהוֹצִיאָם מֵאֶרֶץ
י מִצְרָיִם׃ וָאוֹצִיאֵם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם וָאֲבִאֵם אֶל־הַמִּדְבָּר׃
יא וָאֶתֵּן לָהֶם אֶת־חֻקּוֹתַי וְאֶת־מִשְׁפָּטַי הוֹדַעְתִּי אוֹתָם אֲשֶׁר
יב יַעֲשֶׂה אוֹתָם הָאָדָם וָחַי בָּהֶם׃ וְגַם אֶת־שַׁבְּתוֹתַי נָתַתִּי
לָהֶם לִהְיוֹת לְאוֹת בֵּינִי וּבֵינֵיהֶם לָדַעַת כִּי אֲנִי יְהוָה
יג מְקַדְּשָׁם׃ וַיַּמְרוּ־בִי בֵית־יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר בְּחֻקּוֹתַי לֹא־
הָלָכוּ וְאֶת־מִשְׁפָּטַי מָאָסוּ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אֹתָם הָאָדָם וָחַי
בָּהֶם וְאֶת־שַׁבְּתֹתַי חִלְּלוּ מְאֹד וָאֹמַר לִשְׁפֹּךְ חֲמָתִי עֲלֵיהֶם
יד בַּמִּדְבָּר לְכַלּוֹתָם׃ וָאֶעֱשֶׂה לְמַעַן שְׁמִי לְבִלְתִּי הֵחֵל לְעֵינֵי
טו הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִים לְעֵינֵיהֶם׃ וְגַם־אֲנִי נָשָׂאתִי יָדִי
לָהֶם בַּמִּדְבָּר לְבִלְתִּי הָבִיא אוֹתָם אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־נָתַתִּי
טז זָבַת חָלָב וּדְבַשׁ צְבִי הִיא לְכָל־הָאֲרָצוֹת׃ יַעַן בְּמִשְׁפָּטַי
מָאָסוּ וְאֶת־חֻקּוֹתַי לֹא־הָלְכוּ בָהֶם וְאֶת־שַׁבְּתוֹתַי חִלֵּלוּ כִּי
יז אַחֲרֵי גִלּוּלֵיהֶם לִבָּם הֹלֵךְ׃ וַתָּחָס עֵינִי עֲלֵיהֶם מִשַּׁחֲתָם
יח וְלֹא־עָשִׂיתִי אוֹתָם כָּלָה בַּמִּדְבָּר׃ וָאֹמַר אֶל־בְּנֵיהֶם
בַּמִּדְבָּר בְּחוּקֵּי אֲבוֹתֵיכֶם אַל־תֵּלֵכוּ וְאֶת־מִשְׁפְּטֵיהֶם
יט אַל־תִּשְׁמֹרוּ וּבְגִלּוּלֵיהֶם אַל־תִּטַּמָּאוּ׃ אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
כ בְּחֻקּוֹתַי לֵכוּ וְאֶת־מִשְׁפָּטַי שִׁמְרוּ וַעֲשׂוּ אוֹתָם׃ וְאֶת־
שַׁבְּתוֹתַי קַדֵּשׁוּ וְהָיוּ לְאוֹת בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם לָדַעַת כִּי אֲנִי
כא יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ וַיַּמְרוּ־בִי הַבָּנִים בְּחֻקּוֹתַי לֹא־הָלָכוּ וְאֶת־
מִשְׁפָּטַי לֹא־שָׁמְרוּ לַעֲשׂוֹת אוֹתָם אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אֹתָם
הָאָדָם וָחַי בָּהֶם אֶת־שַׁבְּתוֹתַי חִלֵּלוּ וָאֹמַר לִשְׁפֹּךְ חֲמָתִי
כב עֲלֵיהֶם לְכַלּוֹת אַפִּי בָּם בַּמִּדְבָּר׃ וַהֲשִׁבֹתִי אֶת־יָדִי וָאַעַשׂ
לְמַעַן שְׁמִי לְבִלְתִּי הֵחֵל לְעֵינֵי הַגּוֹיִם אֲשֶׁר־הוֹצֵאתִי

יג׳ הל׳ בקמץ   יג׳ טז׳ קמץ סבירי   יח׳ שורק עם ·התש   כ׳ ע״פ   כא׳ הל׳ בקמץ

אומווערדיקייטן פון זייערע אויגן, און די אָפּגעטער פון מִצרַיִם האָבן זיי ניט פאַרלאָזן; און איך האָב געטראַכט אויסצוגיסן מיין גרימצאָרן אויף זיי, אויסצולאָזן מיין כּעס אויף זיי אין לאַנד מִצרַיִם.
9 אָבער איך האָב געטאָן פון מיין נאָמען וועגן, כּדי ער זאָל ניט פאַרשוועכט ווערן אין די אויגן פון די פעלקער, וואָס זיי זיינען געווען צווישן זיי, וואָס פאַר זייערע אויגן האָב איך זיך געלאָזט דערקענען צו זיי, זיי אַרויסצופירן פון לאַנד מִצרַיִם.
10 און איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם, און האָב זיי געבראַכט אין דער מדבר.
11 און איך האָב זיי געגעבן מיינע חוקים, און מיינע געזעצן זיי געלאָזט וויסן, וואָס אַז דער מענטש טוט זיי, לעבט ער דורך זיי.
12 און אויך מיינע שבתים האָב איך זיי געגעבן, צו זיין פאַר אַ צייכן צווישן מיר און צווישן זיי, כּדי זיי זאָלן וויסן אַז איך יהוה הייליק זיי.
13 אָבער דאָס הויז פון ישׂראל האָבן ווידערשפּעניקט אָן מיר אין דער מדבר: אין מיינע חוקים זיינען זיי ניט געגאַנגען, און מיינע געזעצן האָבן זיי פאַראַכט, וואָס אַז דער מענטש טוט זיי, לעבט ער דורך זיי; און מיינע שבתים האָבן זיי פאַרשוועכט ביז גאָר; און איך האָב געטראַכט אויסצוגיסן מיין גרימצאָרן אויף זיי אין דער מדבר, כּדי זיי צו פאַרלענדן.
14 אָבער איך האָב געטאָן פון מיין נאָמען וועגן, כּדי ער זאָל ניט פאַרשוועכט ווערן אין די אויגן פון די פעלקער וואָס איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פאַר זייערע אויגן.
15 נאָר איך האָב אויך אויפגעהויבן מיין האַנט צו זיי אין דער מדבר, זיי ניט צו ברענגען אין דעם לאַנד וואָס איך האָב געגעבן, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, וואָס איז דאָס שיינדל פון אַלע לענדער;
16 ווייל מיינע געזעצן האָבן זיי פאַראַכט, און מיינע חוקים, אין זיי זיינען זיי ניט געגאַנגען, און מיינע שבתים האָבן זיי פאַרשוועכט; ווייערט נאָך זייערע אָפּגעטער איז געגאַנגען זייער האַרץ.
17 אָבער מיין אויג האָט זיי געשוינט, זיי ניט אומצוברענגען, און איך האָב ניט געמאַכט פון זיי אַ פאַרלענדונג אין דער מדבר.
18 און איך האָב געזאָגט צו זייערע קינדער אין דער מדבר: אין די חוקים פון אייערע עלטערן זאָלט איר ניט גיין, און זייערע געזעצן זאָלט איר ניט היטן, און מיט זייערע אָפּגעטער זאָלט איר אייך ניט פאַראומריינִיקן.
19 איך יהוה בין אייער גאָט; אין מיינע חוקים גייט, און מיינע געזעצן היט, און טוט זיי.
20 און מיינע שבתים האַלט הייליק, און זיי זאָלן זיין פאַר אַ צייכן צווישן מיר און צווישן אייך, כּדי איר זאָלט וויסן אַז איך יהוה בין אייער גאָט.
21 אָבער די קינדער האָבן ווידערשפּעניקט אָן מיר: אין מיינע חוקים זיינען זיי ניט געגאַנגען, און מיינע געזעצן האָבן זיי ניט געהיט זיי צו טאָן, וואָס אַז אַ מענטש טוט זיי, לעבט ער דורך זיי; מיינע שבתים האָבן זיי פאַרשוועכט; און איך האָב געטראַכט אויסצוגיסן מיין גרימצאָרן אויף זיי, אויסצולאָזן מיין כּעס אויף זיי אין דער מדבר.
22 אָבער איך האָב אומגעקערט מיין האַנט, און איך האָב געטאָן פון מיין נאָמען וועגן, כּדי ער זאָל ניט פאַרשוועכט ווערן אין די אויגן פון די פעלקער וואָס פאַר זייערע

אֹתָם לְעֵינֵיהֶם׃ גַּם־אֲנִי נָשָׂאתִי אֶת־יָדִי לָהֶם בַּמִּדְבָּר כג
לְהָפִיץ אֹתָם בַּגּוֹיִם וּלְזָרוֹת אוֹתָם בָּאֲרָצוֹת׃ יַעַן מִשְׁפָּטַי כד
לֹא־עָשׂוּ וְחֻקּוֹתַי מָאָסוּ וְאֶת־שַׁבְּתוֹתַי חִלֵּלוּ וְאַחֲרֵי גִּלּוּלֵי
אֲבוֹתָם הָיוּ עֵינֵיהֶם׃ וְגַם־אֲנִי נָתַתִּי לָהֶם חֻקִּים לֹא כה
טוֹבִים וּמִשְׁפָּטִים לֹא יִחְיוּ בָּהֶם׃ וָאֲטַמֵּא אוֹתָם בְּמַתְּנוֹתָם כו
בְּהַעֲבִיר כָּל־פֶּטֶר רָחַם לְמַעַן אֲשִׁמֵּם לְמַעַן אֲשֶׁר יֵדְעוּ
אֲשֶׁר אֲנִי יְהוָה׃ לָכֵן דַּבֵּר אֶל־בֵּית יִשְׂרָאֵל בֶּן־אָדָם כז
וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה עוֹד זֹאת גִּדְּפוּ אוֹתִי
אֲבוֹתֵיכֶם בְּמַעֲלָם בִּי מָעַל׃ וָאֲבִיאֵם אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר כח
נָשָׂאתִי אֶת־יָדִי לָתֵת אוֹתָהּ לָהֶם וַיִּרְאוּ כָל־גִּבְעָה רָמָה
וְכָל־עֵץ עָבֹת וַיִּזְבְּחוּ־שָׁם אֶת־זִבְחֵיהֶם וַיִּתְּנוּ־שָׁם כַּעַס
קָרְבָּנָם וַיָּשִׂימוּ שָׁם רֵיחַ נִיחוֹחֵיהֶם וַיַּסִּיכוּ שָׁם אֶת־נִסְכֵּיהֶם׃
וָאֹמַר אֲלֵהֶם מָה הַבָּמָה אֲשֶׁר־אַתֶּם הַבָּאִים שָׁם וַיִּקָּרֵא כט
שְׁמָהּ בָּמָה עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ לָכֵן אֱמֹר ׀ אֶל־בֵּית ל
יִשְׂרָאֵל כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה הַבְדֶרֶךְ אֲבוֹתֵיכֶם אַתֶּם
נִטְמְאִים וְאַחֲרֵי שִׁקּוּצֵיהֶם אַתֶּם זֹנִים׃ וּבִשְׂאֵת מַתְּנֹתֵיכֶם לא
בְּהַעֲבִיר בְּנֵיכֶם בָּאֵשׁ אַתֶּם נִטְמְאִים לְכָל־גִּלּוּלֵיכֶם עַד־
הַיּוֹם וַאֲנִי אִדָּרֵשׁ לָכֶם בֵּית יִשְׂרָאֵל חַי־אָנִי נְאֻם אֲדֹנָי
יְהוִה אִם־אִדָּרֵשׁ לָכֶם׃ וְהָעֹלָה עַל־רוּחֲכֶם הָיוֹ לֹא לב
תִהְיֶה אֲשֶׁר ׀ אַתֶּם אֹמְרִים נִהְיֶה כַגּוֹיִם כְּמִשְׁפְּחוֹת
הָאֲרָצוֹת לְשָׁרֵת עֵץ וָאָבֶן׃ חַי־אָנִי נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה אִם־ לג
לֹא בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה וּבְחֵמָה שְׁפוּכָה אֶמְלוֹךְ
עֲלֵיכֶם׃ וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מִן־הָעַמִּים וְקִבַּצְתִּי אֶתְכֶם מִן־ לד
הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר נְפוֹצֹתֶם בָּם בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה
וּבְחֵמָה שְׁפוּכָה׃ וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל־מִדְבַּר הָעַמִּים לה
וְנִשְׁפַּטְתִּי אִתְּכֶם שָׁם פָּנִים אֶל־פָּנִים׃ כַּאֲשֶׁר נִשְׁפַּטְתִּי לו
אֶת־אֲבוֹתֵיכֶם בְּמִדְבַּר אֶרֶץ מִצְרָיִם כֵּן אִשָּׁפֵט אִתְּכֶם

---

כד׳ קמץ בז״ק

אויגן האָב איך זיי אַרויסגעצויגן. 23 הגם איך האָב אויפגעהויבן מיין האַנט צו זיי אין דער מדבר, זיי צו פאַרשפּרייטן צווישן די פעלקער, און זיי צו צעוואַרפן אין די לענדער; 24 ווייל מיינע געזעצן האָבן זיי ניט געטאָן, און מיינע חוקים האָבן זיי פאַראַכט, און מיינע שבתים האָבן זיי פאַרשוועכט, און נאָך די אָפּגעטער פון זייערע עלטערן זיינען געווען זייערע אויגן. 25 און איך אויך האָב זיי געגעבן חוקים ניט גוטע, און געזעצן וואָס זיי זאָלן ניט קענען לעבן דורך זיי; 26 און איך האָב זיי געלאָזט זיך פאַראומרייניקן מיט זייערע אָפּפערגעשאַנקען, מיט אָפּשיידן איטלעכס וואָס עפנט דעם טראַכט; כדי איך זאָל זיי פאַרוויסטן, כדי זיי זאָלן וויסן אַז איך בין יהוה.

27 דרום רעד צו דעם הויז פון ישׂראל, דו מענטשנקינד, און זאָלסט זאָגן צו זיי: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: דערמיט אויך האָבן אַייערע עלטערן מיך געלעסטערט, וואָס זיי האָבן געפעלשט אַ פעלשונג אָן מיר. 28 וואָרום אַז איך האָב זיי געבראַכט אין דעם לאַנד, וואָס איך האָב אויפגעהויבן מיין האַנט צו זיי, זיי עס צו געבן, איז ווו נאָר זיי האָבן געזען אַ הויך בערגל, און ווו נאָר אַ געדיכטן בוים, האָבן זיי דאָרטן געשלאַכט זייערע שלאַכטאָפּפער, און זיי האָבן דאָרטן געבראַכט די דערצערענונג פון זייער קרבן, און דאָרטן געמאַכט זייער געשמאַקן ריח, און דאָרטן געגאָסן זייערע גיסאָפּפער. 29 און איך האָב צו זיי געזאָגט: וואָס באַטייט „די בָּמָה"?—וואָס איר מאַכט זיך נאַרישא[א] דאָרטן; דרום רופט מען איר נאָמען „בָּמָה" ביז אויף הייַנטיקן טאָג.

30 דרום זאָג צו דעם הויז פון ישׂראל: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: איר פאַראומרייניקט אַייך אויף דעם שטייגער פון אַייערע עלטערן, און נאָך זייערע אומווערדיקייטן זייט איר פאַרפירט, 31 און אַז איר ברענגט אַייערע אָפּפערגעשאַנקען, אַז איר מאַכט דורכגיין אַייערע קינדער דורכן פייער[ב], פאַראומרייניקט איר אַייך מיט אַלע אַייערע אָפּגעטער ביז אויף הייַנטיקן טאָג, און איך זאָל זיך לאָזן פרעגן פון אַייך, הויז פון ישׂראל? אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט דער האַר, אויב איך וועל זיך לאָזן פרעגן פון אַייך! 32 און וואָס אַייך קומט אויפן זינען וועט קיינמאָל ניט זיין; וואָס איר זאָגט: מיר וועלן זיין אַזוי ווי די אומות, אַזוי ווי די משפחות פון די לענדער, צו דינען האָלץ און שטיין.

33 אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט דער האַר,
אויב ניט מיט אַ שטאַרקער האַנט,
און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם,
און מיט אויסגעגאָסענעם גרימצאָרן,
וועל איך קיניגן אויף אַייך!
34 און איך וועל אַייך אַרויסציען פון די פעלקער,
און וועל אַייך אַיינזאַמלען פון די לענדער,
וואָס איר זייט צעשפּרייט אין זיי,
מיט אַ שטאַרקער האַנט,
און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם,
און מיט אויסגעגאָסענעם גרימצאָרן.
35 און איך וועל אַייך ברענגען צום מדבר פון די פעלקער,
און וועל זיך משפּטן מיט אַייך, פּנים אֶל פּנים.
36 אַזוי ווי איך האָב זיך געמשפּט מיט אַייערע עלטערן
אין מדבר פון לאַנד מִצְרַיִם,
אַזוי וועל איך זיך משפּטן מיט אַייך,

[א] הַבָּאִים. [ב] ד. ה. פאַרברענגען צום גאָט מולך.

לז נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ וְהַעֲבַרְתִּי אֶתְכֶם תַּחַת הַשָּׁבֶט וְהֵבֵאתִי
לח אֶתְכֶם בְּמָסֹרֶת הַבְּרִית׃ וּבָרוֹתִי מִכֶּם הַמֹּרְדִים וְהַפּוֹשְׁעִים
בִּי מֵאֶרֶץ מְגוּרֵיהֶם אוֹצִיא אוֹתָם וְאֶל־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל
לט לֹא יָבוֹא וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ וְאַתֶּם בֵּית־יִשְׂרָאֵל כֹּה־
אָמַר ׀ אֲדֹנָי יֱהֹוִה אִישׁ גִּלּוּלָיו לְכוּ עֲבֹדוּ וְאַחַר אִם־אֵינְכֶם
שֹׁמְעִים אֵלָי וְאֶת־שֵׁם קָדְשִׁי לֹא תְחַלְּלוּ־עוֹד בְּמַתְּנוֹתֵיכֶם
מ וּבְגִלּוּלֵיכֶם׃ כִּי בְהַר־קָדְשִׁי בְּהַר ׀ מְרוֹם יִשְׂרָאֵל נְאֻם
אֲדֹנָי יֱהֹוִה שָׁם יַעַבְדֻנִי כָּל־בֵּית יִשְׂרָאֵל כֻּלֹּה בָּאָרֶץ שָׁם
אֶרְצֵם וְשָׁם אֶדְרוֹשׁ אֶת־תְּרוּמֹתֵיכֶם וְאֶת־רֵאשִׁית
מא מַשְׂאוֹתֵיכֶם בְּכָל־קָדְשֵׁיכֶם׃ בְּרֵיחַ נִיחֹחַ אֶרְצֶה
אֶתְכֶם בְּהוֹצִיאִי אֶתְכֶם מִן־הָעַמִּים וְקִבַּצְתִּי אֶתְכֶם מִן־
הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר נְפֹצֹתֶם בָּם וְנִקְדַּשְׁתִּי בָכֶם לְעֵינֵי הַגּוֹיִם׃
מב וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהוָה בַּהֲבִיאִי אֶתְכֶם אֶל־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל
אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נָשָׂאתִי אֶת־יָדִי לָתֵת אוֹתָהּ לַאֲבוֹתֵיכֶם׃
מג וּזְכַרְתֶּם־שָׁם אֶת־דַּרְכֵיכֶם וְאֵת כָּל־עֲלִילוֹתֵיכֶם אֲשֶׁר
נִטְמֵאתֶם בָּם וּנְקֹטֹתֶם בִּפְנֵיכֶם בְּכָל־רָעוֹתֵיכֶם אֲשֶׁר
מד עֲשִׂיתֶם׃ וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהוָה בַּעֲשׂוֹתִי אִתְּכֶם לְמַעַן
שְׁמִי לֹא כְדַרְכֵיכֶם הָרָעִים וְכַעֲלִילוֹתֵיכֶם הַנִּשְׁחָתוֹת בֵּית
יִשְׂרָאֵל נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃

## כא

א ב וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם שִׂים פָּנֶיךָ דֶּרֶךְ
תֵּימָנָה וְהַטֵּף אֶל־דָּרוֹם וְהִנָּבֵא אֶל־יַעַר הַשָּׂדֶה נֶגֶב׃
ג וְאָמַרְתָּ לְיַעַר הַנֶּגֶב שְׁמַע דְּבַר־יְהוָה כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה
הִנְנִי מַצִּית־בְּךָ ׀ אֵשׁ וְאָכְלָה בְךָ כָל־עֵץ־לַח וְכָל־עֵץ יָבֵשׁ
לֹא־תִכְבֶּה לַהֶבֶת שַׁלְהֶבֶת וְנִצְרְבוּ־בָהּ כָּל־פָּנִים מִנֶּגֶב
ד צָפוֹנָה׃ וְרָאוּ כָּל־בָּשָׂר כִּי אֲנִי יְהוָה בִּעַרְתִּיהָ לֹא תִכְבֶּה׃
ה וָאֹמַר אֲהָהּ אֲדֹנָי יֱהֹוִה הֵמָּה אֹמְרִים לִי הֲלֹא מְמַשֵּׁל

כ, לז׳ חסר א    לח׳ סבירין יבאו

זאָגט גאָט דער האַר.
37 און איך וועל אײַך מאַכן דורכגיין אונטער דער רוט,
און וועל אײַך ברענגען אין דער פאַרקניפּונג פון בונד.
38 און איך וועל אויסרייניקן פון אײַך די ווידער־
שפּעניקער;
און די וואָס ברעכן אָן מיר;
פון דעם לאַנד פון זייער פרעמדשאַפט
וועל איך זיי אַרויסציען,
אָבער אויף דער ערד פון ישׂראל
וועלן זיי ניט קומען;
און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה.
39 און איר הויז פון ישׂראל,
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
גייט דינט איטלעכער זײַנע אָפּגעטער,
אַזוי ווי איר ווילט ניט צוהערן צו מיר;
אָבער מײַן הייליקן נאָמען זאָלט איר מער ניט פאַר־
שוועכן
מיט אײַערע אָפּפערגעשאַנקען, און מיט אײַערע אָפּ־
געטער.
40 וואָרום אויף מײַן הייליקן באַרג,
אויף דעם הויכן באַרג פון ישׂראל, זאָגט גאָט דער האַר,
דאָרטן וועט דאָס גאַנצע הויז פון ישׂראל אין גאַנצן
מיר דינען אין לאַנד[א];
דאָרטן וועל איך זיי באַווילקן[ב],
און דאָרטן וועל איך פאַרלאַנגען אײַערע אָפּשיידונגען,
און אײַערע ערשטגאָבן, מיט אַלע אײַערע געהייליקטע
זאַכן.
41 דורך אַ געשמאַקן ריח וועל איך אײַך באַווילקן,
ווען איך צי אײַך אַרויס פון די פעלקער,
און וועל אײַך אײַנזאַמלען פון די לענדער
וואָס איר זייט צעשפּרייט אין זיי;
און איך וועל געהייליקט ווערן דורך אײַך
אין די אויגן פון די אומות.
42 און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה,
ווען איך ברענג אײַך אויף דער ערד פון ישׂראל,
אין דעם לאַנד, וואָס איך האָב אויפגעהויבן מײַן האַנט,
עס צו געבן צו אײַערע עלטערן.
43 און איר וועט דאָרטן דערמאָנען אײַערע וועגן,
און אַלע אײַערע מעשׂים,
וואָס איר האָט זיך פאַראומרייניקט מיט זיי,
און איר וועט זיך עקלען פאַר זיך אַליין
פון וועגן אַלע אײַערע בייזן וואָס איר האָט געטאָן.
44 און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה,
ווען איך טו מיט אײַך פון מײַן נאָמען וועגן,
ניט לויט אײַערע שלעכטע וועגן,
און לויט אײַערע פאַרדאָרבענע מעשׂים,
איר הויז פון ישׂראל, זאָגט גאָט דער האַר.

## כא

1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי
צו זאָגן:
2 מענטשנקינד, טו דײַן פּנים אַקעגן דָרום, און רעד
צום דָרום,
און זאָג נביאות אויף דעם וואַלד פון פעלד אין דָרום;
3 און זאָלסט זאָגן צום וואַלד פון דָרום:
הער דאָס וואָרט פון גאָט: אַזוי האָט געזאָגט גאָט
דער האַר:
זע, איך צינד אָן אין דיר אַ פײַער,
און עס וועט פאַרצערן אין דיר איטלעך פײַכטן בוים
און איטלעך טרוקענעם בוים;
די פלאַמפײַער וועט ניט פאַרלאָשן ווערן,
און אַלע פּנימער פון דָרום ביז צפון
וועלן אָנגעברענט ווערן דערפון.
4 און אַלע לײַבער וועלן זען,
אַז איך יהוה האָב זיי אָנגעצונדן;
זי וועט ניט פאַרלאָשן ווערן.
5 האָב איך געזאָגט: ווײ, גאָט דו האַר, זיי זאָגן אויף מיר:
איז ער ניט אַ משלים־זאָגער? 6 איז דאָס וואָרט פון גאָט
געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:

[א], [ב] וואָרטשפּיל: בְּאֶרֶץ־אֶרְצֵם.

משלים הוא: ויהי דבר־יהוה אלי לאמר: בן ז
אדם שים פניך אל־ירושלם והטף אל־מקדשים והנבא
אל־אדמת ישראל: ואמרת לאדמת ישראל כה אמר ח
יהוה הנני אליך והוצאתי חרבי מתערה והכרתי ממך
צדיק ורשע: יען אשר־הכרתי ממך צדיק ורשע לכן ט
תצא חרבי מתערה אל־כל־בשר מנגב צפון: וידעו י
כל־בשר כי אני יהוה הוצאתי חרבי מתערה לא תשוב
עוד: ואתה בן־אדם האנח בשברון מתנים יא
ובמרירות תאנח לעיניהם: והיה כי־יאמרו אליך על־ יב
מה אתה נאנח ואמרת אל־שמועה כי־באה ונמס כל־
לב ורפו כל־ידים וכהתה כל־רוח וכל־ברכים תלכנה
מים הנה באה ונהיתה נאם אדני יהוה: ויהי יג
דבר־יהוה אלי לאמר: בן־אדם הנבא ואמרת כה אמר יד
אדני אמר חרב חרב הוחדה וגם־מרוטה: למען טבח טו
טבח הוחדה למען היה־לה ברק מרטה או נשיש שבט
בני מאסת כל־עץ: ויתן אתה למרטה לתפש בכף טז
היא הוחדה חרב והיא מרטה לתת אותה ביד־הורג:
זעק והילל בן־אדם כי־היא היתה בעמי היא בכל־ יז
נשיאי ישראל מגורי אל־חרב היו את־עמי לכן ספק
אל־ירך: כי בחן ומה אם־גם־שבט מאסת לא יהיה יח
נאם אדני יהוה: ואתה בן־אדם הנבא והך כף יט
אל־כף ותכפל חרב שלישתה חרב חללים היא חרב
חלל הגדול החדרת להם: למען | למוג לב והרבה כ
המכשלים על כל־שעריהם נתתי אבחת־חרב אח
עשויה לברק מטעה לטבח: התאחדי הימני השימי כא
השמילי אנה פניך מעדות: וגם־אני אכה כפי אל־כפי כב
והנחתי חמתי אני יהוה דברתי: ויהי דבר־יהוה כג

ט׳ סא בפוסה   יא׳ פתח באתנח   יב׳ קמץ בז״ק   יז׳ סבירין למען
יט׳ למדנחאי של   כא׳ חסר א

[7] מענטשנקינד, טו דיין פנים צו ירושלים,
און רעד צו די הייליקטומען,
און זאָג נביאות אויף דער ערד פון ישראל.
[8] און זאָלסט זאָגן צו דער ערד פון ישראל:
אַזוי האָט גאָט געזאָגט: זע, איך קום צו דיר,
און איך וועל אַרויסציען מיין שווערד פון איר שייד,
און וועל פאַרשניידן פון דיר דעם צדיק מיטן רשע.
[9] ווייל איך וויל פאַרשניידן פון דיר דעם צדיק מיטן רשע,
דרום וועט אַרויסגיין מיין שווערד פון איר שייד
אויף אַלע לייבער פון דָרום ביז צפון.
[10] און אַלע לייבער וועלן וויסן
אַז איך יהוה האָב אַרויסגעצויגן
מיין שווערד פון איר שייד;
זי וועט זיך מער ניט אומקערן.
[11] און דו מענטשנקינד, זיפץ;
מיט ברעכעניש פון לענדן און מיט ביטערקייט
זאָלסטו זיפצן פאַר זייערע אויגן.
[12] און עס וועט זיין, אַז זיי וועלן זאָגן צו דיר;
אויף וואָס זיפצסטו?
זאָלסטו זאָגן: אויף דער הערונג וואָס קומט:
און איטלעך האַרץ וועט צעגיין,
און אַלע הענט וועלן שלאַף ווערן,
און איטלעך געמיט וועט באַטריבט ווערן,
און אַלע קני וועלן רינען מיט וואַסער.
זע, עס קומט, און עס געשעט,
זאָגט גאָט דער האַר.

[13] און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
[14] מענטשנקינד, זאָג נביאות, און זאָלסט זאָגן:
אַזוי האָט גאָט געזאָגט: זאָג:
אַ שווערד, אַ שווערד איז געשאַרפט,
און איז אויך געשליפן;
[15] כדי צו שעכטן אַ שעכטונג איז זי געשאַרפט,
כדי צו האָבן אַ בליץ איז זי געשליפן–
ווי, עס פאַרגייט דער שטאַם פון מיין זון!–
זי פאַרלענדט דעם גאַנצן בוים.
[16] און מע האָט זי געגעבן צו שלייפן,
אויף צו נעמען אין פויסט;
זי איז געשאַרפט, די שווערד,
און זי איז געשליפן,
זי צו געבן אין האַנט פון דעם טייטער.
[17] שריי און יאָמער, דו מענטשנקינד;
וואָרום זי איז אויף מיין פאָלק,
זי איז אויף אַלע פירשטן פון ישראל;
איבערגעענטפערט צום שווערד זיינען זיי מיט מיין פאָלק;
דרום שלאָג אויפן לענד.
[18] וואָרום ער וועט געפרווט ווערן; און ווי נאָך!
אַז זי פאַרלענדט דעם שטאַם, ער זאָל גאָר ניט זיין,
זאָגט גאָט דער האַר.
[19] און דו מענטשנקינד, זאָג נביאות,
און קלאַפּ אַ האַנט אויף אַ האַנט,
און זאָל די שווערד פאַרטאָפּלט ווערן דרייפאַכיק;
דאָס איז די שווערד פאַר די וואָס דאַרפן דערשלאָגן ווערן,
די שווערד פאַר דעם גרויסן וואָס דאַרף דערשלאָגן ווערן,
וואָס רינגלט זיי אַרום.
[20] כדי דאָס האַרץ זאָל צעגיין,
און צו מערן די שטרויכלונגען,
האָב איך אויף אַלע זייערע טויערן
געבראַכט דעם שרעק פון שווערד;
ווי, זי איז צו בליצן געמאַכט,
צו שעכטונג געשאַרפט.
[21] פאַרנעם זיך רעכטס,
פאַרקער זיך לינקס,
וווהין דיין שאַרף איז געקערט!
[22] און איך אויך וועל קלאַפּן אַ האַנט אויף אַ האַנט,
און וועל באַרוען מיין גרימצאָרן;
איך יהוה האָב גערעדט.

[23] און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:

כד אֵלַי לֵאמֹר׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם שִׂים־לְךָ ׀ שְׁנַיִם דְּרָכִים
לָבוֹא חֶרֶב מֶלֶךְ־בָּבֶל מֵאֶרֶץ אֶחָד יֵצְאוּ שְׁנֵיהֶם וְיָד בָּרֵא
כה בְּרֹאשׁ־דֶּרֶךְ עִיר בָּרֵא׃ דֶּרֶךְ תָּשִׂים לָבוֹא חֶרֶב אֵת
כו רַבַּת בְּנֵי־עַמּוֹן וְאֶת־יְהוּדָה בִירוּשָׁלַ͏ִם בְּצוּרָה׃ כִּי־עָמַד
מֶלֶךְ־בָּבֶל אֶל־אֵם הַדֶּרֶךְ בְּרֹאשׁ שְׁנֵי הַדְּרָכִים לִקְסָם־
כז קָסֶם קִלְקַל בַּחִצִּים שָׁאַל בַּתְּרָפִים רָאָה בַּכָּבֵד׃ בִּימִינוֹ
הָיָה ׀ הַקֶּסֶם יְרוּשָׁלַ͏ִם לָשׂוּם כָּרִים לִפְתֹּחַ פֶּה בְּרֶצַח
לְהָרִים קוֹל בִּתְרוּעָה לָשׂוּם כָּרִים עַל־שְׁעָרִים לִשְׁפֹּךְ
כח סֹלְלָה לִבְנוֹת דָּיֵק׃ וְהָיָה לָהֶם כִּקְסָום־שָׁוְא בְּעֵינֵיהֶם
שְׁבֻעֵי שְׁבֻעוֹת לָהֶם וְהוּא־מַזְכִּיר עָוֺן לְהִתָּפֵשׂ׃
כט לָכֵן כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה יַעַן הַזְכַּרְכֶם עֲוֺנְכֶם בְּהִגָּלוֹת
פִּשְׁעֵיכֶם לְהֵרָאוֹת חַטֹּאותֵיכֶם בְּכֹל עֲלִילוֹתֵיכֶם יַעַן
ל הִזָּכֶרְכֶם בַּכַּף תִּתָּפֵשׂוּ׃ וְאַתָּה חָלָל רָשָׁע נְשִׂיא
לא יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־בָּא יוֹמוֹ בְּעֵת עֲוֺן קֵץ׃ כֹּה אָמַר
אֲדֹנָי יֱהוִה הָסִיר הַמִּצְנֶפֶת וְהָרִים הָעֲטָרָה זֹאת לֹא־זֹאת
לב הַשָּׁפָלָה הַגְבֵּהַ וְהַגָּבֹהַּ הַשְׁפִּיל׃ עַוָּה עַוָּה עַוָּה אֲשִׂימֶנָּה
גַּם־זֹאת לֹא הָיָה עַד־בֹּא אֲשֶׁר־לוֹ הַמִּשְׁפָּט וּנְתַתִּיו׃
לג וְאַתָּה בֶן־אָדָם הִנָּבֵא וְאָמַרְתָּ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה אֶל־
בְּנֵי עַמּוֹן וְאֶל־חֶרְפָּתָם וְאָמַרְתָּ חֶרֶב חֶרֶב פְּתוּחָה לְטֶבַח
לד מְרוּטָה לְהָכִיל לְמַעַן בָּרָק׃ בַּחֲזוֹת לָךְ שָׁוְא בִּקְסָם־
לָךְ כָּזָב לָתֵת אוֹתָךְ אֶל־צַוְּארֵי חַלְלֵי רְשָׁעִים אֲשֶׁר־בָּא
לה יוֹמָם בְּעֵת עֲוֺן קֵץ׃ הָשַׁב אֶל־תַּעְרָהּ בִּמְקוֹם אֲשֶׁר־
לו נִבְרֵאת בְּאֶרֶץ מְכֻרוֹתַיִךְ אֶשְׁפֹּט אֹתָךְ׃ וְשָׁפַכְתִּי עָלַיִךְ
זַעְמִי בְּאֵשׁ עֶבְרָתִי אָפִיחַ עָלָיִךְ וּנְתַתִּיךְ בְּיַד אֲנָשִׁים
לז בֹּעֲרִים חָרָשֵׁי מַשְׁחִית׃ לָאֵשׁ תִּהְיֶה לְאָכְלָה דָּמֵךְ יִהְיֶה
בְּתוֹךְ הָאָרֶץ לֹא תִזָּכֵרִי כִּי אֲנִי יְהוָה דִּבַּרְתִּי׃

---

כח׳ כט׳ מלא ו

24 און דו מענטשנקינד, מאַך דיר צוויי וועגן,
פאַר דעם שווערד פון דעם מלך פון בָּבל צו קומען;
פון איין לאַנד זאָלן זיי ביידע אַרויסגיין.
און אַ ווענוויַיזער שטעל אויף;
ביים אָנהייב וועג צו דער שטאָט שטעל אים אויף.
25 מאַך אַ וועג פאַר דער שווערד
צו קומען אויף רַבָּה פון די קינדער פון עַמון,
און אויף יהודה אין ירושָלַיִם באַפעסטיקט.
26 וואָרום דער מלך פון בָּבל שטעלט זיך
ביי דער שיידונג פון וועג,
ביים אָנהייב פון ביידע וועגן,
צו טרעפן מיט כּישוף;
ער שאָקלט מיט פיילן,
ער פרעגט ביי דעם תּרפים,
ער קוקט אין אַ לעבער.
27 אין זיין רעכטער האַנט איז דער גורל אויף ירושָלַיִם
אָנצושטעלן שטורעמבעק,
צו עפענען דאָס מויל מיט רציחה,
אויפצוהייבן דעם קָול אין געשריי,
צו שטעלן שטורעמבעק אויף די טויערן,
אָנצושיטן אַן ערדוואַל,
צו בויען אַ באַלעגער־מויער.
28 און ביי זיי וועט עס זיין
ווי אַ פאַלשער כּישוף אין זייערע אויגן;
וואָכן אויף וואָכן האָבן זיי נאָך!
אָבער דאָס מאַכט דערמאָנען די זינד,
אַז זיי זאָלן געכאַפּט ווערן.

29 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
ווייל איר האָט געמאַכט דערמאָנען אייערע זינד,
ווען אייערע פאַרברעכן זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן,
אַזוי אַז אייערע זינד ווייזן זיך אַרויס
אין אַלע אייערע מעשׂים–
ווייל איר זייט דערמאָנט געוואָרן,
וועט איר מיט דער האַנט געכאַפּט ווערן.
30 און דו רשע פאַרשוועכטער,
דו פירשט פון ישׂראל וואָס זיין טאָג איז געקומען
אין דער צייט פון דער לעצטער פאַרזינדיקונג,
31 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
אַוועק די הויב! און אַראָפּ די קרוין!
דאָס איז ניט מער דאָס!
דאָס נידעריקע דערהייבן, און דעם הויכן דערנידערן!
32 אַ חורבן, אַ חורבן, אַ חורבן וועל איך עס מאַכן;
יאָ, דאָס וועט מער ניט זיין,
ביז עס קומט דער וועמען עס געהערט,
און איך וועל עס אים געבן.
33 און דו מענטשנקינד, זאָג נביאות און זאָלסט זאָגן:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר
אויף די קינדער פון עַמון,
און אויף זייער לעסטערונג;
און זאָלסט זאָגן: שווערד, דו געצויגענע שווערד,
צו שעכטונג געשליפן, צום אויסהאַלטן,
כּדי בליציק צו זיין–
34 בעת מע זעט וועגן דיר פאַלשקייט,
בעת מע וואָרזאָגט וועגן דיר ליגן–
דיך צו לייגן אויף די העלדזער
פון רשעים פאַרשוועכטע,
וואָס זייער טאָג איז געקומען,
אין דער צייט פון דער לעצטער פאַרזינדיקונג!–
35 קער זי אום אין איר שייד!–
אין דעם אָרט ווו דו ביסט געשאַפן געוואָרן,
אין דעם לאַנד פון דיין אָפּשטאַמונג,
וועל איך דיך משפּטן.
36 און איך וועל אויסגיסן אויף דיר מיין כּעס;–
מיט דעם פייער פון מיין גרימצאָרן וועל איך בלאָזן אויף
דיר,
און איך וועל דיך געבן אין דער האַנט פון מענטשן כּ׳אישע,
מייסטערס אויף אומצוברענגען.
37 צום פייער פאַר אַ שפּייז וועסטו זיין;
דיין בלוט וועט זיין אין מיטן לאַנד;
וועסט מער ניט געדאַכט ווערן;
וואָרום איך יהוה האָב גערעדט.

# כב

א וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם הֲתִשְׁפֹּט ב
הֲתִשְׁפֹּט אֶת־עִיר הַדָּמִים וְהוֹדַעְתָּהּ אֵת כָּל־תּוֹעֲבוֹתֶיהָ׃
ג וְאָמַרְתָּ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה עִיר שֹׁפֶכֶת דָּם בְּתוֹכָהּ
ד לָבוֹא עִתָּהּ וְעָשְׂתָה גִלּוּלִים עָלֶיהָ לְטָמְאָה׃ בְּדָמֵךְ אֲשֶׁר־
שָׁפַכְתְּ אָשַׁמְתְּ וּבְגִלּוּלַיִךְ אֲשֶׁר־עָשִׂית טָמֵאת וַתַּקְרִיבִי
יָמַיִךְ וַתָּבוֹא עַד־שְׁנוֹתָיִךְ עַל־כֵּן נְתַתִּיךְ חֶרְפָּה לַגּוֹיִם
ה וְקַלָּסָה לְכָל־הָאֲרָצוֹת׃ הַקְּרֹבוֹת וְהָרְחֹקוֹת מִמֵּךְ יִתְקַלְּסוּ־
ו בָךְ טְמֵאַת הַשֵּׁם רַבַּת הַמְּהוּמָה׃ הִנֵּה נְשִׂיאֵי יִשְׂרָאֵל
ז אִישׁ לִזְרֹעוֹ הָיוּ בָךְ לְמַעַן שְׁפָךְ־דָּם׃ אָב וָאֵם הֵקַלּוּ בָךְ
ח לַגֵּר עָשׂוּ בַעֹשֶׁק בְּתוֹכֵךְ יָתוֹם וְאַלְמָנָה הוֹנוּ בָךְ׃ קָדָשַׁי
ט בָּזִית וְאֶת־שַׁבְּתֹתַי חִלָּלְתְּ׃ אַנְשֵׁי רָכִיל הָיוּ בָךְ לְמַעַן
י שְׁפָךְ־דָּם וְאֶל־הֶהָרִים אָכְלוּ בָךְ זִמָּה עָשׂוּ בְתוֹכֵךְ׃ עֶרְוַת־
יא אָב גִּלָּה־בָךְ טְמֵאַת הַנִּדָּה עִנּוּ־בָךְ׃ וְאִישׁ ׀ אֶת־אֵשֶׁת
רֵעֵהוּ עָשָׂה תּוֹעֵבָה וְאִישׁ אֶת־כַּלָּתוֹ טִמֵּא בְזִמָּה וְאִישׁ
יב אֶת־אֲחֹתוֹ בַת־אָבִיו עִנָּה־בָךְ׃ שֹׁחַד לָקְחוּ־בָךְ לְמַעַן
שְׁפָךְ־דָּם נֶשֶׁךְ וְתַרְבִּית לָקַחַתְּ וַתְּבַצְּעִי רֵעַיִךְ בַּעֹשֶׁק וְאֹתִי
יג שָׁכַחַתְּ נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃ וְהִנֵּה הִכֵּיתִי כַפִּי אֶל־בִּצְעֵךְ
יד אֲשֶׁר עָשִׂית וְעַל־דָּמֵךְ אֲשֶׁר הָיוּ בְּתוֹכֵךְ׃ הֲיַעֲמֹד לִבֵּךְ
אִם־תֶּחֱזַקְנָה יָדַיִךְ לַיָּמִים אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה אוֹתָךְ אֲנִי
טו יְהוָה דִּבַּרְתִּי וְעָשִׂיתִי׃ וַהֲפִיצוֹתִי אוֹתָךְ בַּגּוֹיִם וְזֵרִיתִיךְ
טז בָּאֲרָצוֹת וַהֲתִמֹּתִי טֻמְאָתֵךְ מִמֵּךְ׃ וְנִחַלְתְּ בָּךְ לְעֵינֵי גוֹיִם
יז וְיָדַעַתְּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃
יח בֶּן־אָדָם הָיוּ־לִי בֵית־יִשְׂרָאֵל לְסוּג כֻּלָּם נְחֹשֶׁת וּבְדִיל
יט וּבַרְזֶל וְעוֹפֶרֶת בְּתוֹךְ כּוּר סִגִים כֶּסֶף הָיוּ׃ לָכֵן כֹּה
אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה יַעַן הֱיוֹת כֻּלְּכֶם לְסִגִים לָכֵן הִנְנִי קֹבֵץ
כ אֶתְכֶם אֶל־תּוֹךְ יְרוּשָׁלָםִ׃ קְבֻצַת כֶּסֶף וּנְחֹשֶׁת וּבַרְזֶל

א׳ הפטרת אחרי לק״ק ושל קדושים לאשכנזים׳ ד׳ למדנחאי פת כתיב עד ק
כא בגרים טז׳ כ״כ יח׳ לסג ק

# כב

1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
2 און דו מענטשנקינד,
ווילסטו משפּטן, ווילסטו משפּטן די בלוטיקע שטאָט?
טאָ לאָז זי וויסן אַלע אירע אומווערדיקייטן.
3 און זאָלסט זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
דו שטאָט וואָס פאַרגיסט בלוט אין איר מיט,
כּדי איר צייט זאָל קומען,
און מאַכט בײַ זיך אָפּגעטער,
אומריין צו ווערן,
4 מיט דײַן בלוט וואָס דו האָסט פאַרגאָסן,
האָסטו זיך פאַרשולדיקט,
און מיט די אָפּגעטער וואָס דו האָסט געמאַכט,
ביסטו אומריין געוואָרן,
און האָסט דערנענטערט דײַנע טעג,
און ביסט געקומען צו דײַנע יאָרן;
דרום האָב איך דיך געגעבן צו שאַנד בײַ די פעלקער,
און צו שפּאָט בײַ אַלע לענדער.
5 נאָנטע און ווײַטע פון דיר וועלן שפּאָטן פון דיר,
דו מיטן אומרייניקן נאָמען, דו פילטומלדיקע.
6 זע, די פירשטן פון ישׂראל, איטלעכער לויט זײַן אָרעם,
זײַנען אין דיר געווען כּדי בלוט צו פאַרגיסן.
7 פאָטער און מוטער האָט מען גרינגגעשאַצט אין דיר,
קעגן פרעמדן האָט מען זיך באַגאַנגען מיט רויב אין דײַן מיט,
אַ יתום און אַן אַלמנה האָט מען געקריוודעט אין דיר.
8 מײַנע הייליקייטן האָסטו פאַראַכט,
און מײַנע שבתים האָסטו פאַרשוועכט.
9 רכילות־טרײַבער זײַנען געווען אין דיר
כּדי בלוט צו פאַרגיסן;
און אויף די בערג האָט מען געגעסן בײַ דיר:
שענדלעכקייט האָט מען געטאָן אין דײַן מיט.
10 דעם פאָטערס שאַנד[א] האָט מען אַנטפּלעקט אין דיר,
אַן אומריינע אין איר אָפּזונדערונג האָט מען געשענדט אין דיר.
11 און איטלעכער מיט זײַן חברס ווײַב
האָט אומווערדיקייט באַגאַנגען,
און איטלעכער האָט זײַן שנור
פאַראומרייניקט, מיט שענדלעכקייט,
און איטלעכער האָט זײַן שוועסטער,
די טאָכטער פון זײַן פאָטער, געשענדט אין דיר.
12 שוחד האָט מען גענומען אין דיר כּדי בלוט צו פאַרגיסן,
ציגזן און מערונג האָסטו גענומען,
און באַריסן דײַנע חברים דורך רויב,
און אָן מיר האָסטו פאַרגעסן, זאָגט גאָט דער האַר.
13 דרום זע, איך האָב געקלאַפּט מײַן האַנט
וועגן דײַן אומערלעכן געווין וואָס דו האָסט געמאַכט,
און אויף דײַן בלוטיקייט וואָס איז אין דיר געווען.
14 וועט דײַן האַרץ באַשטיין,
צי וועלן דײַנע הענט שטאַרק זײַן,
אין די טעג וואָס איך רעכן זיך מיט דיר?
איך יהוה האָב גערעדט, און וועל טאָן.
15 און איך וועל דיך צעשפּרייטן צווישן די פעלקער,
און וועל דיך צעוואַרפן אין די לענדער,
און איך וועל פאַרלענדן דײַן אומרייניקייט פון דיר.
16 און וועסט פאַרשוועכט ווערן דורך זיך אַליין
פאַר די אויגן פון די פעלקער,
און וועסט וויסן אַז איך בין יהוה.
17 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
18 מענטשנקינד,
דאָס הויז פון ישׂראל זײַנען מיר געוואָרן צו פּסולת,
זיי אַלע זײַנען קופּער און צין
און אײַזן און בלײַ אין דעם שמעלצאויוון;
פּסולת פון זילבער זײַנען זיי.
19 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
ווײַל איר זײַט אַלע צו פּסולת געוואָרן,
דרום זעט, איך זאַמל אײַך אײַן אין ירושָלַיִם.
20 אַזוי ווי מע זאַמלט אײַן זילבער און קופּער

[א] זע ויקרא יח, 8.

און אַייזן און בלײַ און צין אין אַ שמעלצאויוון,
צו בלאָזן דערויף פײַער,
כּדי צו צעשמעלצן,
אַזוי וועל איך אײַך אײַנזאַמלן
אין מײַן כּעס און אין מײַן גרימצאָרן,
און וועל אײַך אַרײַנלייגן און צעשמעלצן.
21 יאָ, איך וועל אײַך צונויפקלײַבן,
און וועל בלאָזן אויף אײַך מיט דעם פײַער פון מײַן צאָרן,
און איר וועט צעשמאָלצן ווערן דרינען.
22 אַזוי ווי זילבער ווערט צעשמאָלצן אין אַ שמעלצאויוון,
אַזוי וועט איר צעשמאָלצן ווערן דרינען;
און איר וועט וויסן אַז איך יהוה
האָב אויסגעגאָסן מײַן גרימצאָרן אויף אײַך.
23 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
24 מענטשנקינד, זאָג צו איר:
ביסט אַ לאַנד וואָס איז ניט גערייניקט,
ניט באַרעגנט געוואָרן אין טאָג פון צאָרן.
25 דער בונט פון אירע נביאים אין איר מיט
איז ווי אַ ברומיקער לייב וואָס פאַרצוקט רויב;
נפשות האָבן זיי פאַרצערט,
שאַצן און טייערע זאַכן נעמען זיי צו,
אירע אַלמנות האָבן זיי געמערט אין איר.
26 אירע כּהנים האָבן פאַרבראָכן קעגן מײַן תּורה,
און פאַרשוועכט מײַנע הייליקייטן;
צווישן הייליק און אומהייליק האָבן זיי ניט אָפּגעשיידט,
און צווישן ריין און אומריין האָבן זיי ניט צו וויסן געטאָן,
און פון מײַנע שבתים האָבן זיי פאַרהוילן זייערע אויגן,
און איך בין פאַרשוועכט געוואָרן צווישן זיי.
27 אירע האַרן צווישן איר
זײַנען ווי וועלף וואָס פאַרצוקן רויב;
צו פאַרגיסן בלוט,
אומצוברענגען נפשות כּדי צו געווינען געווין.
28 און אירע נביאים האָבן זיי אָנגעשמירט טינק;
זיי זעען פאַלשקייט און וואָרזאָגן זיי ליגן.
זיי זאָגן: „אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר",
ווען גאָט האָט ניט גערעדט.
29 דאָס פאָלק פון לאַנד האָט געדריקט מיט געוואַלט,
און געגזלט גזלה,
און דעם אָרימאַן און דעם אביון האָבן זיי געקריוודעט,
און דעם פרעמדן האָבן זיי געדריקט מיט אומרעכט.
30 און איך האָב געזוכט צווישן זיי אַ מאַן
וואָס זאָל אַרומצאַמען אַ צאַם,

וְעוֹפֶרֶת וּבְדִיל אֶל־תּוֹךְ כּוּר לָפַחַת־עָלָיו אֵשׁ לְהַנְתִּיךְ
כא כֵּן אֶקְבֹּץ בְּאַפִּי וּבַחֲמָתִי וְהִנַּחְתִּי וְהִתַּכְתִּי אֶתְכֶם׃ וְכִנַּסְתִּי
אֶתְכֶם וְנָפַחְתִּי עֲלֵיכֶם בְּאֵשׁ עֶבְרָתִי וְנִתַּכְתֶּם בְּתוֹכָהּ׃
כב כְּהִתּוּךְ כֶּסֶף בְּתוֹךְ כּוּר כֵּן תֻּתְּכוּ בְתוֹכָהּ וִידַעְתֶּם כִּי־
כג אֲנִי יְהוָה שָׁפַכְתִּי חֲמָתִי עֲלֵיכֶם׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה
כד אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם אֱמָר־לָהּ אַתְּ אֶרֶץ לֹא מְטֹהָרָה
כה הִיא לֹא גֻשְׁמָהּ בְּיוֹם זָעַם׃ קֶשֶׁר נְבִיאֶיהָ בְּתוֹכָהּ כַּאֲרִי
שׁוֹאֵג טֹרֵף טָרֶף נֶפֶשׁ אָכָלוּ חֹסֶן וִיקָר יִקָּחוּ אַלְמְנוֹתֶיהָ
כו הִרְבּוּ בְתוֹכָהּ׃ כֹּהֲנֶיהָ חָמְסוּ תוֹרָתִי וַיְחַלְּלוּ קָדָשַׁי בֵּין
קֹדֶשׁ לְחֹל לֹא הִבְדִּילוּ וּבֵין־הַטָּמֵא לְטָהוֹר לֹא הוֹדִיעוּ
כז וּמִשַּׁבְּתוֹתַי הֶעְלִימוּ עֵינֵיהֶם וָאֵחַל בְּתוֹכָם׃ שָׂרֶיהָ בְקִרְבָּהּ
כִּזְאֵבִים טֹרְפֵי טָרֶף לִשְׁפָּךְ־דָּם לְאַבֵּד נְפָשׁוֹת לְמַעַן
כח בְּצֹעַ בָּצַע׃ וּנְבִיאֶיהָ טָחוּ לָהֶם תָּפֵל חֹזִים שָׁוְא וְקֹסְמִים
לָהֶם כָּזָב אֹמְרִים כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה וַיהוָה לֹא דִבֵּר׃
כט עַם הָאָרֶץ עָשְׁקוּ עֹשֶׁק וְגָזְלוּ גָּזֵל וְעָנִי וְאֶבְיוֹן הוֹנוּ וְאֶת־
ל הַגֵּר עָשְׁקוּ בְּלֹא מִשְׁפָּט׃ וָאֲבַקֵּשׁ מֵהֶם אִישׁ גֹּדֵר־גָּדֵר
וְעֹמֵד בַּפֶּרֶץ לְפָנַי בְּעַד הָאָרֶץ לְבִלְתִּי שַׁחֲתָהּ וְלֹא מָצָאתִי׃
לא וָאֶשְׁפֹּךְ עֲלֵיהֶם זַעְמִי בְּאֵשׁ עֶבְרָתִי כִּלִּיתִים דַּרְכָּם בְּרֹאשָׁם
נָתַתִּי נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה׃

כג

א
ב וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם שְׁתַּיִם נָשִׁים בְּנוֹת
ג אֵם־אַחַת הָיוּ׃ וַתִּזְנֶינָה בְמִצְרַיִם בִּנְעוּרֵיהֶן זָנוּ שָׁמָּה
ד מֹעֲכוּ שְׁדֵיהֶן וְשָׁם עִשּׂוּ דַּדֵּי בְּתוּלֵיהֶן׃ וּשְׁמוֹתָן אָהֳלָה
הַגְּדוֹלָה וְאָהֳלִיבָה אֲחוֹתָהּ וַתִּהְיֶינָה לִי וַתֵּלַדְנָה בָּנִים
ה וּבָנוֹת וּשְׁמוֹתָן שֹׁמְרוֹן אָהֳלָה וִירוּשָׁלִַם אָהֳלִיבָה׃ וַתִּזֶן
אָהֳלָה תַּחְתָּי וַתַּעְגַּב עַל־מְאַהֲבֶיהָ אֶל־אַשּׁוּר קְרוֹבִים׃
ו לְבֻשֵׁי תְכֵלֶת פַּחוֹת וּסְגָנִים בַּחוּרֵי חֶמֶד כֻּלָּם פָּרָשִׁים

כב, כד׳ הש׳ וסה והה במפיק  כה׳ כצ״ל  קמץ ברביע  קמץ מ״ק

און זיך שטעלן פאַר מיר אין דעם בראָך פאַרן לאַנד,
אַז איך זאָל עס ניט אומברענגען;
אָבער איך האָב ניט געפונען.
31 דרום האָב איך אויסגעגאָסן אויף זיי מײַן צאָרן;
מיט דעם פײַער פון מײַן גרימצאָרן האָב איך זיי פאַרלענדט:
זייער וועג האָב איך פאַרגאָלטן אויף זייער קאָפּ,
זאָגט גאָט דער האַר.

כג [1] און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן: [2] מענטשנקינד, עס זײַנען געווען צוויי פרויען, טעכטער פון איין מוטער. [3] און זיי האָבן מזנה געווען אין מִצרַיִם; אין זייער יוגנט האָבן זיי מזנה געווען; דאָרטן זײַנען זייערע בוזעמס געדריקט געוואָרן, און דאָרטן האָט מען געקוועטשט זייערע מיידלשע בריסט. [4] און זייערע נעמען זײַנען געווען: די גרעסערע–אָהלָה, און איר שוועסטער–אָהליבָה. און זיי זײַנען געוואָרן מײַנע, און האָבן געבאָרן זין און טעכטער. און זייערע נעמען: שומרון איז אָהלָה[א], און ירושָלַיִם איז אָהליבָה[ב].
[5] און אָהלָה האָט מזנה געווען הינטער מיר, און האָט געגלוסט צו אירע ליבהאָבער, צו די אַשורים, קריגסלײַט [6] אָנגעטאָן אין בלאָען, דוכּסים און פירשטן, שיינע יונגען אַלע, ריטער וואָס רײַטן אויף פערד. [7] און זי האָט אָוועקגעגעבן

[א] געצעלט.  [ב] מײַן געצעלט איז אין איר.

ז רֹכְבֵי סוּסִים׃ וַתִּתֵּן תַּזְנוּתֶיהָ עֲלֵיהֶם מִבְחַר בְּנֵי־אַשּׁוּר
ח כֻּלָּם וּבְכֹל אֲשֶׁר־עָגְבָה בְּכָל־גִּלּוּלֵיהֶם נִטְמָאָה׃ וְאֶת־
תַּזְנוּתֶיהָ מִמִּצְרַיִם לֹא עָזָבָה כִּי אוֹתָהּ שָׁכְבוּ בִנְעוּרֶיהָ
ט וְהֵמָּה עִשּׂוּ דַּדֵּי בְתוּלֶיהָ וַיִּשְׁפְּכוּ תַזְנוּתָם עָלֶיהָ׃ לָכֵן
נְתַתִּיהָ בְּיַד־מְאַהֲבֶיהָ בְּיַד בְּנֵי אַשּׁוּר אֲשֶׁר עָגְבָה עֲלֵיהֶם׃
י הֵמָּה גִּלּוּ עֶרְוָתָהּ בָּנֶיהָ וּבְנוֹתֶיהָ לָקָחוּ וְאוֹתָהּ בַּחֶרֶב
יא הָרָגוּ וַתְּהִי־שֵׁם לַנָּשִׁים וּשְׁפוּטִים עָשׂוּ בָהּ׃ וַתֵּרֶא אֲחוֹתָהּ
אָהֳלִיבָה וַתַּשְׁחֵת עַגְבָתָהּ מִמֶּנָּה וְאֶת־תַּזְנוּתֶיהָ מִזְּנוּנֵי
יב אֲחוֹתָהּ׃ אֶל־בְּנֵי אַשּׁוּר עָגָבָה פַּחוֹת וּסְגָנִים קְרֹבִים
לְבֻשֵׁי מִכְלוֹל פָּרָשִׁים רֹכְבֵי סוּסִים בַּחוּרֵי חֶמֶד כֻּלָּם׃
יג יד וָאֵרֶא כִּי נִטְמָאָה דֶּרֶךְ אֶחָד לִשְׁתֵּיהֶן׃ וַתּוֹסֶף אֶל־תַּזְנוּתֶיהָ
וַתֵּרֶא אַנְשֵׁי מְחֻקֶּה עַל־הַקִּיר צַלְמֵי כַשְׂדִּיים חֲקֻקִים
טו בַּשָּׁשַׁר׃ חֲגוֹרֵי אֵזוֹר בְּמָתְנֵיהֶם סְרוּחֵי טְבוּלִים בְּרָאשֵׁיהֶם
מַרְאֵה שָׁלִשִׁים כֻּלָּם דְּמוּת בְּנֵי־בָבֶל כַּשְׂדִּים אֶרֶץ
טז מוֹלַדְתָּם׃ וַתַּעְגֹּב עֲלֵיהֶם לְמַרְאֵה עֵינֶיהָ וַתִּשְׁלַח מַלְאָכִים
יז אֲלֵיהֶם כַּשְׂדִּימָה׃ וַיָּבֹאוּ אֵלֶיהָ בְנֵי־בָבֶל לְמִשְׁכַּב דֹּדִים
וַיְטַמְּאוּ אוֹתָהּ בְּתַזְנוּתָם וַתִּטְמָא־בָם וַתֵּקַע נַפְשָׁהּ מֵהֶם׃
יח וַתְּגַל תַּזְנוּתֶיהָ וַתְּגַל אֶת־עֶרְוָתָהּ וַתֵּקַע נַפְשִׁי מֵעָלֶיהָ
יט כַּאֲשֶׁר נָקְעָה נַפְשִׁי מֵעַל אֲחוֹתָהּ׃ וַתַּרְבֶּה אֶת־תַּזְנוּתֶיהָ
כ לִזְכֹּר אֶת־יְמֵי נְעוּרֶיהָ אֲשֶׁר זָנְתָה בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַתַּעְגְּבָה
עַל פִּלַגְשֵׁיהֶם אֲשֶׁר בְּשַׂר־חֲמוֹרִים בְּשָׂרָם וְזִרְמַת סוּסִים
כא זִרְמָתָם׃ וַתִּפְקְדִי אֵת זִמַּת נְעוּרָיִךְ בַּעְשׂוֹת מִמִּצְרַיִם
כב דַּדַּיִךְ לְמַעַן שְׁדֵי נְעוּרָיִךְ׃ לָכֵן אָהֳלִיבָה כֹּה־אָמַר
אֲדֹנָי יֱהֹוִה הִנְנִי מֵעִיר אֶת־מְאַהֲבַיִךְ עָלַיִךְ אֵת אֲשֶׁר־נָקְעָה
כג נַפְשֵׁךְ מֵהֶם וַהֲבֵאתִים עָלַיִךְ מִסָּבִיב׃ בְּנֵי בָבֶל וְכָל־
כַּשְׂדִּים פְּקוֹד וְשׁוֹעַ וְקוֹעַ כָּל־בְּנֵי אַשּׁוּר אוֹתָם בַּחוּרֵי
חֶמֶד פַּחוֹת וּסְגָנִים כֻּלָּם שָׁלִשִׁים וּקְרוּאִים רֹכְבֵי סוּסִים

---

ח׳ י׳ קמץ בז״ק   יב׳ דגי׳ בקמץ   יד׳ כשדים קרי   טז׳ ותעגבה קרי

איר זנות אויף זיי, געקליבענע זין פון אַשור אַלע; און אַלע צו וועמען זי האָט געגלוסט, האָט זי זיך פאַראומרייניקט מיט אַלע זייערע אָפּגעטער. [8] און איר זנות מיט מִצרַיִם האָט זי ניט פאַרלאָזן, וואָרום זיי זיינען מיט איר געלעגן אין איר יוגנט, און זיי האָבן געדריקט אירע מיידלשע בריסט, און אויסגעגאָסן זייער זנות אויף איר. [9] דרום האָב איך זי איבערגעגעבן אין דער האַנט פון אירע ליבהאָבער, אין דער האַנט פון די זין פון אַשור, וואָס זי האָט צו זיי געגלוסט. [10] זיי האָבן אַנטפּלעקט איר שאַנד; אירע זין און אירע טעכטער האָבן זיי צוגענומען, און זי האָבן זיי מיטן שווערד געטייט; און זי איז געוואָרן אַ צונעמעניש ביי ווייבער. אַזוי האָט מען געטאָן אַ משפּט אויף איר.

[11] און איר שוועסטער אָהליבָה האָט דאָס געזען, אָבער זי איז געווען פאַרדאָרבענער אין איר געלוסט פון יענער, און אין איר זנות מער פון דער זנות פון איר שוועסטער. [12] צו די זין פון אַשור האָט זי געגלוסט, דוכּסים און פירשטן, קריגסלייט אָנגעטאָן פּראַכטיק, ריטער וואָס רייטן אויף פערד, שיינע יונגען אַלע. [13] און איך האָב געזען אַז זי איז פאַראומרייניקט געוואָרן—איין וועג ביי זיי ביידן. [14] און זי האָט נאָך געמערט איר זנות, וואָרום זי האָט געזען מענער אויסגעקריצט אויף דער וואַנט, בילדער פון כַּשׂדים געצייבנט מיט רויטער פאַרב [15] אָנגעגורט מיט גאַרטלען אויף זייערע לענדן, מיט אַראָפּגעהאַנגענע טורבאַנען אויף זייערע קעפּ, מיטן אויסזען פון עלצטע אַלע—די געשטאַלט פון די זין פון בָּבל, וואָס כַּשׂדים איז דאָס לאַנד פון זייער געבורט. [16] און זי האָט צו זיי געגלוסט, ווי אירע אויגן האָבן זיי דערזען, און זי האָט געשיקט שלוחים צו זיי קיין כַּשׂדים. [17] און די זין פון בָּבל זיינען צו איר געקומען צום ליבשאַפטגעלעגער, און זיי האָבן זי פאַראומרייניקט מיט זייער זנות; און זי איז אומריין געוואָרן פון זיי, ביז איר זעל האָט זיך אָפּגעעקלט פון זיי. [18] און אַז זי האָט אַנטפּלעקט איר זנות און אַנטפּלעקט איר שאַנד, האָט מיין זעל זיך אָפּגעעקלט פון איר, אַזוי ווי מיין זעל האָט זיך אָפּגעעקלט פון איר שוועסטער. [19] און זי האָט נאָך געמערט איר זנות, זיך צו דערמאָנען אָן די טעג פון איר יוגנט, ווען זי האָט מזנה געווען אין לאַנד מִצרַיִם. [20] און זי האָט געגלוסט צו זייערע קעפּסמענער, וואָס פלייש פון אייזלען איז זייער פלייש, און אויסגוס פון פערד איז זייער אויסגוס. [21] און דו האָסט געבענקט נאָך דער שענדלעכקייט פון דיין יוגנט, ווען מע האָט געדריקט אין מִצרַיִם דיינע בריסט פון וועגן דיין יונגן בוזעם.

[22] דרום, אָהליבָה, האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
זע, איך דערוועק אויף דיר דיינע ליבהאָבער,
די וואָס דיין זעל האָט זיך אָפּגעעקלט פון זיי,
און איך וועל זיי ברענגען אויף דיר פון רונד
אַרום:

[23] די זין פון בָּבל, און אַלע כַּשׂדים,
פּקוד און שוֹעַ און קוֹעַ,
אַלע זין פון אַשור מיט זיי,
שיינע יונגען, דוכּסים און פירשטן אַלע,
עלצטע און באַרופענע, רייטער אויף פערד אַלע.

כד כֻּלָּם׃ וּבָאוּ עָלַיִךְ הֹצֶן רֶכֶב וְגַלְגַּל וּבִקְהַל עַמִּים צִנָּה
וּמָגֵן וְקוֹבַע יָשִׂימוּ עָלַיִךְ סָבִיב וְנָתַתִּי לִפְנֵיהֶם מִשְׁפָּט
כה וּשְׁפָטוּךְ בְּמִשְׁפְּטֵיהֶם׃ וְנָתַתִּי קִנְאָתִי בָּךְ וְעָשׂוּ אוֹתָךְ
בְּחֵמָה אַפֵּךְ וְאָזְנַיִךְ יָסִירוּ וְאַחֲרִיתֵךְ בַּחֶרֶב תִּפּוֹל הֵמָּה
כו בָּנַיִךְ וּבְנוֹתַיִךְ יִקָּחוּ וְאַחֲרִיתֵךְ תֵּאָכֵל בָּאֵשׁ׃ וְהִפְשִׁיטוּךְ
כז אֶת־בְּגָדַיִךְ וְלָקְחוּ כְּלֵי תִפְאַרְתֵּךְ׃ וְהִשְׁבַּתִּי זִמָּתֵךְ מִמֵּךְ
וְאֶת־זְנוּתֵךְ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם וְלֹא־תִשְׂאִי עֵינַיִךְ אֲלֵיהֶם
כח וּמִצְרַיִם לֹא תִזְכְּרִי־עוֹד׃ כִּי כֹה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִֹה
הִנְנִי נֹתְנָךְ בְּיַד אֲשֶׁר שָׂנֵאת בְּיַד אֲשֶׁר־נָקְעָה נַפְשֵׁךְ מֵהֶם׃
כט וְעָשׂוּ אוֹתָךְ בְּשִׂנְאָה וְלָקְחוּ כָּל־יְגִיעֵךְ וַעֲזָבוּךְ עֵירֹם
ל וְעֶרְיָה וְנִגְלָה עֶרְוַת זְנוּנַיִךְ וְזִמָּתֵךְ וְתַזְנוּתָיִךְ׃ עָשֹׂה אֵלֶּה
לָךְ בִּזְנוֹתֵךְ אַחֲרֵי גוֹיִם עַל אֲשֶׁר־נִטְמֵאת בְּגִלּוּלֵיהֶם׃
לא לב בְּדֶרֶךְ אֲחוֹתֵךְ הָלָכְתְּ וְנָתַתִּי כוֹסָהּ בְּיָדֵךְ׃ כֹּה אָמַר
אֲדֹנָי יֱהוִֹה כּוֹס אֲחוֹתֵךְ תִּשְׁתִּי הָעֲמֻקָּה וְהָרְחָבָה תִּהְיֶה
לג לִצְחֹק וּלְלַעַג מִרְבָּה לְהָכִיל׃ שִׁכָּרוֹן וְיָגוֹן תִּמָּלֵאִי כּוֹס
לד שַׁמָּה וּשְׁמָמָה כּוֹס אֲחוֹתֵךְ שֹׁמְרוֹן׃ וְשָׁתִית אוֹתָהּ וּמָצִית
וְאֶת־חֲרָשֶׂיהָ תְּגָרֵמִי וְשָׁדַיִךְ תְּנַתֵּקִי כִּי אֲנִי דִבַּרְתִּי נְאֻם
לה אֲדֹנָי יֱהוִֹה׃ לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִֹה יַעַן שָׁכַחַתְּ
אוֹתִי וַתַּשְׁלִיכִי אוֹתִי אַחֲרֵי גַוֵּךְ וְגַם־אַתְּ שְׂאִי זִמָּתֵךְ וְאֶת־
לו תַּזְנוּתָיִךְ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי בֶּן־אָדָם הֲתִשְׁפּוֹט אֶת־
לז אָהֳלָה וְאֶת־אָהֳלִיבָה וְהַגֵּד לָהֶן אֵת תּוֹעֲבוֹתֵיהֶן׃ כִּי
נִאֵפוּ וְדָם בִּידֵיהֶן וְאֶת־גִּלּוּלֵיהֶן נִאֵפוּ וְגַם אֶת־בְּנֵיהֶן אֲשֶׁר
לח יָלְדוּ־לִי הֶעֱבִירוּ לָהֶם לְאָכְלָה׃ עוֹד זֹאת עָשׂוּ לִי טִמְּאוּ
לט אֶת־מִקְדָּשִׁי בַּיּוֹם הַהוּא וְאֶת־שַׁבְּתוֹתַי חִלֵּלוּ׃ וּבְשַׁחֲטָם
אֶת־בְּנֵיהֶם לְגִלּוּלֵיהֶם וַיָּבֹאוּ אֶל־מִקְדָּשִׁי בַּיּוֹם הַהוּא
מ לְחַלְּלוֹ וְהִנֵּה־כֹה עָשׂוּ בְּתוֹךְ בֵּיתִי׃ וְאַף כִּי תִשְׁלַחְנָה
לַאֲנָשִׁים בָּאִים מִמֶּרְחָק אֲשֶׁר מַלְאָךְ שָׁלוּחַ אֲלֵיהֶם

כה׳ קמץ בז״ק

24 און זיי וועלן קומען אויף דיר אין אַ מחנה,
מיט רייטוואָגן און רעדער, און מיט אַ געזעמל פעלקער;
מיט פּאַנצער און שילד און קיווער
וועלן זיי זיך אויסשטעלן קעגן דיר רונד אַרום;
און איך וועל איבערגעבן פאַר זיי דעם משפט,
און זיי וועלן דיך משפטן מיט זייערע משפטים.
25 און איך וועל אָנטאָן אָן דיר מיין פאַרדראָס,
און זיי וועלן זיך באַגיין קעגן דיר מיט גרימצאָרן;
דיין נאָז און דיינע אויערן וועלן זיי אָפּשניידן,
און דיין איבערבלייב וועט דורכן שווערד פאַלן;
דיינע זין און דיינע טעכטער וועלן זיי אַוועקנעמען,
און דיין איבערבלייב וועט פאַרצערט ווערן אין פייער.
26 און זיי וועלן דיר אויסטאָן דיינע קליידער,
און צונעמען דיינע שיינע זאַכן.
27 און איך וועל פאַרשטערן פון דיר דיין שענדלעכקייט,
און דיין זנות פון לאַנד מִצרַיִם אָן,
און וועסט ניט אויפהייבן דיינע אויגן צו זיי,
און מִצרַיִם וועסטו מער ניט דערמאָנען.
28 ווארום אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
זע, איך גיב דיר אין דער האַנט פון די וואָס דו האָסט פיינט,
אין דער האַנט פון די וואָס דיין זעל האָט זיך אָפּ־געעקלט פון זיי.
29 און זיי וועלן זיך באַגיין קעגן דיר מיט שׂנאה,
און וועלן צונעמען דיין גאַנצע מי,
און וועלן דיך איבערלאָזן נאַקעט און הויל;
און אַנטפּלעקט ווערן וועט דיין זונהשע נאַקעטקייט,
און דיין שענדלעכקייט, און דיין זנות.
30 דאָס וועט מען טאָן צו דיר,
פאַר דיין נאָכלויפן נאָך די פעלקער,
און ווייל דו האָסט זיך פאַראומריייניקט מיט זייערע אָפּגעטער.
31 אין דעם וועג פון דיין שוועסטער ביסטו געגאַנגען,
דרום וועל איך געבן איר כּוס אין דיין האַנט.
32 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
דעם כּוס פון דיין שוועסטער וועסטו טרינקען,
דעם טיפן און דעם ברייטן;
וועסט ווערן צו געלעכטער און צו שפּאָט;
ער איז פול ביזן ראַנד.
33 וועסט מיט שיכּרות און קומער זיך אָנפילן,
מיט דעם כּוס פון שרעק און דערשרעקעניש,
מיט דעם כּוס פון דיין שוועסטער שׁומרון.
34 און וועסט אים טרינקען און אויסזופן,
און וועסט זיינע שערבלעך צעקנאַקן,
און דיינע בריסט וועסטו רייסן;
ווארום איך האָב גערעדט,
זאָגט גאָט דער האַר.
35 פאַרוואָר, אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
ווייל דו האָסט פאַרגעסן אָן מיר,
און מיך אַוועקגעוואָרפן הינטער דיין רוקן,
דרום טראָג דו אויך דיין שענדלעכקייט און דיין זנות.
36 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: מענטשנקינד, ווילסטו משפטן אָהלָה און אָהליבָה? טאָ דערציייל זיי זייערע אומ־ווערדיקייטן: 37 אַז זיי האָבן מזנה געווען, און בלוט איז אויף זייערע הענט, און מיט זייערע אָפּגעטער האָבן זיי מזנה געווען, און אַפילו זייערע קינדער וואָס זיי האָבן מיר געבאָרן, האָבן זיי איבערגעגעבן צו זיי פאַר אַ שפּייז. 38 נאָך דאָס האָבן זיי געטאָן צו מיר: זיי האָבן פאַראומריייניקט מיין הייליקטום אין דעם אייגענעם טאָג, און מיינע שבתים האָבן זיי פאַרשוועכט. 39 און אַז זיי האָבן געשאָכטן זייערע קינדער צו זייערע אָפּגעטער, זיינען זיי געקומען אין מיין הייליקטום אין דעם אייגענעם טאָג עס צו פאַרשוועכן; יאָ, אָט אַזוי האָבן זיי געטאָן אין מיין הויז. 40 און איר האָט אויך געשיקט נאָך מענער וואָס זיינען געקומען פון דער וויט, וואָס ווי אַ שליח איז צו זיי געשיקט געוואָרן,

מא וְהִנֵּה־בָאוּ לַאֲשֶׁר רָחַצְתְּ כָּחַלְתְּ עֵינַיִךְ וְעָדִית עֶדִי׃ וְיָשַׁבְתְּ
עַל־מִטָּה כְבוּדָּה וְשֻׁלְחָן עָרוּךְ לְפָנֶיהָ וּקְטָרְתִּי וְשַׁמְנִי
מב שַׂמְתְּ עָלֶיהָ׃ וְקוֹל הָמוֹן שָׁלֵו בָהּ וְאֶל־אֲנָשִׁים מֵרֹב
אָדָם מוּבָאִים סֻובָאִים מִמִּדְבָּר וַיִּתְּנוּ צְמִידִים אֶל־יְדֵיהֶן
מג וַעֲטֶרֶת תִּפְאֶרֶת עַל־רָאשֵׁיהֶן׃ וָאֹמַר לַבָּלָה נִאוּפִים עַתְּ
מד יִזְנֶה תַזְנוּתֶהָ וָהִיא׃ וַיָּבוֹא אֵלֶיהָ כְּבוֹא אֶל־אִשָּׁה זוֹנָה
מה כֵּן בָּאוּ אֶל־אָהֳלָה וְאֶל־אָהֳלִיבָה אִשֹּׁת הַזִּמָּה׃ וַאֲנָשִׁים
צַדִּיקִם הֵמָּה יִשְׁפְּטוּ אוֹתְהֶם מִשְׁפַּט נֹאֲפוֹת וּמִשְׁפַּט
מו שֹׁפְכוֹת דָּם כִּי נֹאֲפֹת הֵנָּה וְדָם בִּידֵיהֶן׃ כִּי כֹה אָמַר
אֲדֹנָי יֱהוִה הַעֲלֵה עֲלֵיהֶם קָהָל וְנָתֹן אֶתְהֶן לְזַעֲוָה וָלָבַז׃
מז וְרָגְמוּ עֲלֵיהֶן אֶבֶן קָהָל וּבָרֵא אוֹתְהֶן בְּחַרְבוֹתָם בְּנֵיהֶם
מח וּבְנוֹתֵיהֶם יַהֲרֹגוּ וּבָתֵּיהֶן בָּאֵשׁ יִשְׂרֹפוּ׃ וְהִשְׁבַּתִּי זִמָּה מִן
מט הָאָרֶץ וְנִוַּסְּרוּ כָּל־הַנָּשִׁים וְלֹא תַעֲשֶׂינָה כְּזִמַּתְכֶנָה׃ וְנָתְנוּ
זִמַּתְכֶנָה עֲלֵיכֶן וַחֲטָאֵי גִלּוּלֵיכֶן תִּשֶּׂאינָה וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי
אֲדֹנָי יֱהוִה׃

## כד

א וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי בַּשָּׁנָה הַתְּשִׁיעִית בַּחֹדֶשׁ הָעֲשִׂירִי
ב בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם כְּתוֹב־לְךָ אֶת־שֵׁם הַיּוֹם
אֶת־עֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה סָמַךְ מֶלֶךְ־בָּבֶל אֶל־יְרוּשָׁלַםִ בְּעֶצֶם
ג הַיּוֹם הַזֶּה׃ וּמְשֹׁל אֶל־בֵּית־הַמֶּרִי מָשָׁל וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם
כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה שְׁפֹת הַסִּיר שְׁפֹת וְגַם־יְצֹק בּוֹ מָיִם׃
ד אֱסֹף נְתָחֶיהָ אֵלֶיהָ כָּל־נֵתַח טוֹב יָרֵךְ וְכָתֵף מִבְחַר עֲצָמִים
ה מַלֵּא׃ מִבְחַר הַצֹּאן לָקוֹחַ וְגַם דּוּר הָעֲצָמִים תַּחְתֶּיהָ
ו רַתַּח רְתָחֶיהָ גַּם־בָּשְׁלוּ עֲצָמֶיהָ בְּתוֹכָהּ׃ לָכֵן כֹּה־
אָמַר ׀ אֲדֹנָי יֱהוִה אוֹי עִיר הַדָּמִים סִיר אֲשֶׁר חֶלְאָתָה בָהּ
וְחֶלְאָתָהּ לֹא יָצְאָה מִמֶּנָּה לִנְתָחֶיהָ הוֹצִיאָהּ

כג, מא׳ דגש אחר שורק   מב׳ רבי רפה   סבאים קרי   מג׳ עתה יזנו קרי
מד׳ סבירין ויבאו   מו׳ פתח בס״פ   מט׳ יתיר י   כד, ב׳ כתב קרי   ו׳ הה״א רפה

אַזוי זיינען זיי געקומען; די פאַר וועמען דו האָסט זיך געוואַשן, געפאַרבט דיינע אויגן, און זיך אָנגעצירט מיט צירונג. [41] און ביסט געזעסן אויף אַ פּראַכטיקן בעט, מיט אַ געגרייטן טיש דערביי, און מיין ווייררויך און מיין אייל האָסטו אַרויפגעשטעלט דערויף. [42] און דער קָול פון אַ צופרידענעם געזעמל איז געווען ביי איר; און צו די מענטשן פון גרויסן עולם זיינען נאָך געבראַכט געוואָרן די סבאָער פון דער מדבר, און זיי האָבן אָנגעטאָן אָרעמ־בענדער אויף זייערע הענט, און אַ שיינע קרוין אויף זייערע קעפּ. [43] האָב איך געזאָגט אויף דער אַלט געוואָרענער אין ניאוף: טרייבט מען נאָך איצט אויך זנות מיט איר? מיט איר? [44] וואָרום מע איז געקומען צו איר אַזוי ווי מע קומט צו אַ פרוי אַ זונה; אַזוי איז מען געקומען צו אָהלָה און אָהליבָה די שענדלעכע ווייבער. [45] אָבער גערעכטע מענער, זיי וועלן זיי משפטן מיט דעם משפט פון נואפטעס און דעם משפט פון בלוטפאַרגיסערינס; וואָרום נואפטעס זיינען זיי, און בלוט איז אויף זייערע הענט.

[46] וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
מע וועט אַרויפברענגען אויף זיי אַ גרויס געזעמל,
און זיי מאַכן צו שוידער און צו רויב.
[47] און פאַרוואַרפן מיט שטיינער וועט זיי דאָס געזעמל,
און זיי צעהאַקן מיט זייערע שווערדן;
זייערע זין און זייערע טעכטער וועלן זיי הרגען,
און זייערע הייזער וועלן זיי אין פייער פאַרברענען,
[48] און איך וועל פאַרשטערן שענדלעכקייט אויסן לאַנד.
און אַלע ווייבער וועלן אַ מוסר נעמען,
און וועלן ניט טאָן אַזוי ווי אַייער שענדלעכקייט.
[49] און מע וועט פאַרגעלטן אַייער שענדלעכקייט אויף אַייך,
און די זינד פון אַייערע אָפּגעטער וועט איר טראָגן,
און איר וועט וויסן אַז איך בין גאָט יהוה.

## כד

[1] און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אין ניינטן יאָר, אין צענטן חודש, אין צענטן טאָג פון חודש, אַזוי צו זאָגן: [2] מענטשנקינד, פאַרשרייב דיר דעם נאָמען פון דעם טאָג, גענוי דעם היינטיקן טאָג; דער מלך פון בָבל האָט זיך אָנגעזעצט אויף ירושָלַיִם גענוי אין היינטיקן טאָג. [3] און גיב דעם ווידערשפעניקן געזינדל אַ משל, און זאָלסט זאָגן צו זיי: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

שטעל צו דעם טאָפּ, שטעל צו,
און גיס אויך אָן וואַסער אין אים;
[4] זאַמל אַיין זיינע שטיקער אין אים;
איטלעך גוט שטיק, דעם דיך, און די שולטער;
מיט געקליבענע קנאָכנס פיל אָן.
[5] געקליבענע שאָף זאָלסטו נעמען,
און לייג אויך אָן ביינער אונטער דעם;
מאַך זידן זיין זידונג,
אפילו זיינע ביינער זאָלן צעקאָכט ווערן אין אים.
[6] פאַרוואָר, אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
וויי די בלוטיקע שטאָט, דער טאָפּ וואָס זיין קויט איז אין אים,
און זיין קויט איז פון אים ניט אַרויס!
שטיקערווייז, שטיקערווייז נעם עס אַרויס;

ניט געוואָרפן.ווערן זאָל צומאָל גורל דערויף.
7 וואָרום איר בלוט איז אין איר מיט,
אויף אַ גלאַטן פעלז האָט זי עס אַרויפגעטאָן;
זי האָט עס ניט געגאָסן אויף דער ערד,
צו פאַרדעקן דערויף שטויב.
8 כּדי אויפצוברענגען דעם גרימצאָרן,
כּדי צו נעמען נקמה,
האָב איך אַרויפגעטאָן איר בלוט אויף אַ גלאַטן פעלז,
אַז עס זאָל ניט פאַרדעקט ווערן.
9 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
וויי די בלוטיקע שטאָט!
איך אויך וועל גרויס מאַכן דעם הויפן.
10 מער דאָס האָלץ,
צינד אָן דאָס פייער,
צעגענץ דאָס פלייש,
און קאָך דאָס געקעכטס,
אַז די ביינער זאָלן צעברענט ווערן.
11 און לאָז אים שטיין אויף זיינע קוילן אַ ליידיקן,
כּדי ער זאָל דערהיצט ווערן,
און זיין קופער זאָל צעברענט ווערן,
און צעשמאָלצן ווערן זאָל אין אים זיין אומריינקייט,
זיין שמוץ זאָל פאַרלענדט ווערן.
12 די כּוחות האָט ער פאַרמאַטערט,
אָבער זיין פיל שמוץ גייט פון אים ניט אַרויס–
דער געשטאַנק פון זיין שמוץ.
13 פון וועגן דיין שענדלעכער אומריינקייט,
ווייל איך האָב דיך געריניקט,
און ביסט פון דיין אומריינקייט ניט ריין געוואָרן,
וועסטו מער ניט ריין ווערן,
ביז איך באַרו מיין גרימצאָרן אויף דיר.
14 איך יהוה האָב גערעדט;
עס געשעט, און איך וועל עס טאָן.
איך וועל ניט נאָכלאָזן, און ניט שוינען, און ניט חרטה
האָבן;
לויט דיינע וועגן און לויט דיינע מעשׂים
טוט מען דיך משפּטן, זאָגט גאָט דער האַר.

ז לֹא־נִפַּל עָלֶיהָ גּוֹרָל׃ כִּי דָמָהּ בְּתוֹכָהּ הָיָה עַל־צְחִיחַ
סֶלַע שָׂמָתְהוּ לֹא שְׁפָכַתְהוּ עַל־הָאָרֶץ לְכַסּוֹת עָלָיו עָפָר׃
ח לְהַעֲלוֹת חֵמָה לִנְקֹם נָקָם נָתַתִּי אֶת־דָּמָהּ עַל־צְחִיחַ סָלַע
ט לְבִלְתִּי הִכָּסוֹת׃ לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה אוֹי עִיר
י הַדָּמִים גַּם־אֲנִי אַגְדִּיל הַמְּדוּרָה׃ הַרְבֵּה הָעֵצִים הַדְלֵק
הָאֵשׁ הָתֵם הַבָּשָׂר וְהַרְקַח הַמֶּרְקָחָה וְהָעֲצָמוֹת יֵחָרוּ׃
יא וְהַעֲמִידֶהָ עַל־גֶּחָלֶיהָ רֵקָה לְמַעַן תֵּחַם וְחָרָה נְחֻשְׁתָּהּ
יב וְנִתְּכָה בְתוֹכָהּ טֻמְאָתָהּ תִּתֹּם חֶלְאָתָהּ׃ תְּאֻנִים הֶלְאָת
יג וְלֹא־תֵצֵא מִמֶּנָּה רַבַּת חֶלְאָתָהּ בְּאֵשׁ חֶלְאָתָהּ׃ בְּטֻמְאָתֵךְ
זִמָּה יַעַן טִהַרְתִּיךְ וְלֹא טָהַרְתְּ מִטֻּמְאָתֵךְ לֹא תִטְהֲרִי־עוֹד
יד עַד־הֲנִיחִי אֶת־חֲמָתִי בָּךְ׃ אֲנִי יְהוָה דִּבַּרְתִּי בָּאָה וְעָשִׂיתִי
לֹא־אֶפְרַע וְלֹא־אָחוּס וְלֹא אֶנָּחֵם כִּדְרָכַיִךְ וְכַעֲלִילוֹתַיִךְ
טו שְׁפָטוּךְ נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃
טז בֶּן־אָדָם הִנְנִי לֹקֵחַ מִמְּךָ אֶת־מַחְמַד עֵינֶיךָ בְּמַגֵּפָה וְלֹא
יז תִסְפֹּד וְלֹא תִבְכֶּה וְלוֹא תָבוֹא דִּמְעָתֶךָ׃ הֵאָנֵק ׀ דֹּם
מֵתִים אֵבֶל לֹא־תַעֲשֶׂה פְּאֵרְךָ חֲבוֹשׁ עָלֶיךָ וּנְעָלֶיךָ תָּשִׂים
בְּרַגְלֶיךָ וְלֹא תַעְטֶה עַל־שָׂפָם וְלֶחֶם אֲנָשִׁים לֹא תֹאכֵל׃
יח וָאֲדַבֵּר אֶל־הָעָם בַּבֹּקֶר וַתָּמָת אִשְׁתִּי בָּעָרֶב וָאַעַשׂ
יט בַּבֹּקֶר כַּאֲשֶׁר צֻוֵּיתִי׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלַי הָעָם הֲלֹא־תַגִּיד לָנוּ
כ מָה־אֵלֶּה לָּנוּ כִּי אַתָּה עֹשֶׂה׃ וָאֹמַר אֲלֵיהֶם דְּבַר־יְהוָה
כא הָיָה אֵלַי לֵאמֹר׃ אֱמֹר ׀ לְבֵית יִשְׂרָאֵל כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי
יֱהוִה הִנְנִי מְחַלֵּל אֶת־מִקְדָּשִׁי גְּאוֹן עֻזְּכֶם מַחְמַד עֵינֵיכֶם
וּמַחְמַל נַפְשְׁכֶם וּבְנֵיכֶם וּבְנוֹתֵיכֶם אֲשֶׁר עֲזַבְתֶּם בַּחֶרֶב
כב יִפֹּלוּ׃ וַעֲשִׂיתֶם כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתִי עַל־שָׂפָם לֹא תַעְטוּ וְלֶחֶם
כג אֲנָשִׁים לֹא תֹאכֵלוּ׃ וּפְאֵרֵכֶם עַל־רָאשֵׁיכֶם וְנַעֲלֵיכֶם
בְּרַגְלֵיכֶם לֹא תִסְפְּדוּ וְלֹא תִבְכּוּ וּנְמַקֹּתֶם בַּעֲוֺנֹתֵיכֶם
כד וּנְהַמְתֶּם אִישׁ אֶל־אָחִיו׃ וְהָיָה יְחֶזְקֵאל לָכֶם לְמוֹפֵת
כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה תַּעֲשׂוּ בְּבֹאָהּ וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי אֲדֹנָי

15 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
16 מענטשנקינד, זע, איך נעם אַוועק פון דיר
די גלוסטונג פון דיינע אויגן דורך אַ שלאַק,
אָבער זאָלסט ניט קלאָגן און ניט וויינען,
און אַ טרער זאָל ביי דיר ניט גיין.
17 ויפּץ שטילערהייט;
קיין טויטנטרויער זאָלסטו ניט מאַכן;
דיין קאָפּדעק בינד אָן אויף זיך,
און דיינע שיך זאָלסטו אָנטאָן אויף דיינע פיס,
און זאָלסט ניט פאַרדעקן די אויבערשטע ליפּ,
און דאָס ברויט פון מענטשן זאָלסטו ניט עסן.

18 און איך האָב גערעדט צו דעם פאָלק אין דער פרי, און אין אָוונט איז מיין ווייב געשטאָרבן. און איך האָב געטאָן אין דער פרי אַזוי ווי איך בין באַפוילן געוואָרן. 19 האָט דאָס פאָלק צו מיר געזאָגט: ווילסטו אונדז ניט זאָגן, וואָס באַטייט דאָסדאָזיקע פאַר אונדז, אַז דו טוסט אַזוי? 20 האָב איך צו זיי געזאָגט: דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:

21 זאָג צו דעם הויז פון ישׂראל:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
זע, איך פאַרשוועך מיין הייליקטום,
דעם שטאָלץ פון אייער מאַכט,
די גלוסטונג פון אייערע אויגן,
און די שמאַכטעניש פון אייער זעל;
און אייערע זין און אייערע טעכטער
וואָס איר האָט איבערגעלאָזן,
וועלן דורכן שווערד פאַלן.
22 און איר וועט טאָן אַזוי ווי איך האָב געטאָן:
די אויבערשטע ליפּ וועט איר ניט פאַרדעקן,
און ברויט פון מענטשן וועט איר ניט עסן.
23 און אייערע קאָפּדעקן וועלן זיין אויף אייערע
קעפּ,
און אייערע שיך אויף אייערע פיס;
ניט איר וועט קלאָגן און ניט איר וועט וויינען;
און איר וועט איינגיין פאַר אייערע זינד,
און קרעכצן איינער צום אַנדערן.
24 און יחזקאל וועט אייך זיין פאַר אַ צייכן;
אַזוי ווי אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, וועט איר טאָן.
אַז דאָס וועט געשען, וועט איר וויסן
אַז איך בין גאָט יהוה.

כה יְהוִֽה׃ וְאַתָּ֣ה בֶן־אָדָ֔ם הֲל֗וֹא בְּי֨וֹם קַחְתִּ֤י מֵהֶם֙ אֶת־
מָ֣עוּזָּ֔ם מְשׂ֖וֹשׂ תִּפְאַרְתָּ֑ם אֶת־מַחְמַ֤ד עֵֽינֵיהֶם֙ וְאֶת־מַשָּׂ֣א
כו נַפְשָׁ֔ם בְּנֵיהֶ֖ם וּבְנוֹתֵיהֶֽם׃ בַּיּ֣וֹם הַה֔וּא יָב֥וֹא הַפָּלִ֖יט אֵלֶ֑יךָ
כז לְהַשְׁמָע֖וּת אָזְנָֽיִם׃ בַּיּ֣וֹם הַה֗וּא יִפָּ֤תַח פִּ֙יךָ֙ אֶת־הַפָּלִ֔יט
וּתְדַבֵּ֕ר וְלֹ֥א תֵֽאָלֵ֖ם ע֑וֹד וְהָיִ֤יתָ לָהֶם֙ לְמוֹפֵ֔ת וְיָדְע֖וּ כִּֽי־
אֲנִ֥י יְהוָֽה׃

# כה

א וַיְהִ֥י דְבַר־יְהוָ֖ה אֵלַ֥י לֵאמֹֽר׃ בֶּן־אָדָ֕ם שִׂ֥ים פָּנֶ֖יךָ אֶל־בְּנֵ֣י
ב
ג עַמּ֑וֹן וְהִנָּבֵ֖א עֲלֵיהֶֽם׃ וְאָמַרְתָּ֙ לִבְנֵ֣י עַמּ֔וֹן שִׁמְע֖וּ דְּבַר־
אֲדֹנָ֣י יְהוִ֑ה כֹּֽה־אָמַ֞ר אֲדֹנָ֣י יְהוִ֗ה יַ֣עַן אָמְרֵ֡ךְ הֶאָ֡ח אֶל־
מִקְדָּשִׁ֣י כִֽי־נִחָ֡ל וְאֶל־אַדְמַ֤ת יִשְׂרָאֵל֙ כִּ֣י נָשַׁ֔מָּה וְאֶל־בֵּ֣ית
ד יְהוּדָ֔ה כִּ֥י הָלְכ֖וּ בַּגּוֹלָֽה׃ לָכֵן֩ הִנְנִ֨י נֹתְנָ֜ךְ לִבְנֵי־קֶ֣דֶם
לְמֽוֹרָשָׁ֗ה וְיִשְּׁב֤וּ טִֽירוֹתֵיהֶם֙ בָּ֔ךְ וְנָתְנ֥וּ בָ֖ךְ מִשְׁכְּנֵיהֶ֑ם
ה הֵ֛מָּה יֹאכְל֥וּ פִרְיֵ֖ךְ וְהֵ֥מָּה יִשְׁתּ֥וּ חֲלָבֵֽךְ׃ וְנָתַתִּ֤י אֶת־רַבָּה֙
לִנְוֵ֣ה גְמַלִּ֔ים וְאֶת־בְּנֵ֥י עַמּ֖וֹן לְמִרְבַּץ־צֹ֑אן וִֽידַעְתֶּ֖ם כִּֽי־אֲנִ֥י
ו יְהוָֽה׃ כִּ֣י כֹ֤ה אָמַר֙ אֲדֹנָ֣י יְהוִ֔ה יַ֚עַן מַחְאֵ֣ךְ יָ֔ד
וְרַקְעֵ֖ךְ בְּרָ֑גֶל וַתִּשְׂמַ֤ח בְּכָל־שָֽׁאטְךָ֙ בְּנֶ֔פֶשׁ אֶל־אַדְמַ֖ת
ז יִשְׂרָאֵֽל׃ לָכֵ֡ן הִנְנִי֩ נָטִ֨יתִי אֶת־יָדִ֜י עָלֶ֗יךָ וּנְתַתִּ֤יךָ לְבַג֙
לַגּוֹיִ֔ם וְהִכְרַתִּ֙יךָ֙ מִן־הָ֣עַמִּ֔ים וְהַאֲבַדְתִּ֖יךָ מִן־הָאֲרָצ֑וֹת
ח אַשְׁמִ֣ידְךָ֔ וְיָדַעְתָּ֖ כִּֽי־אֲנִ֥י יְהוָֽה׃ כֹּ֥ה אָמַ֖ר אֲדֹנָ֣י
יְהוִ֑ה יַ֗עַן אָמֹ֤ר מוֹאָב֙ וְשֵׂעִ֔יר הִנֵּ֥ה כְּכָל־הַגּוֹיִ֖ם בֵּ֥ית
ט יְהוּדָֽה׃ לָכֵ֡ן הִנְנִ֣י פֹתֵ֩חַ֩ אֶת־כֶּ֨תֶף מוֹאָ֜ב מֵהֶעָרִ֗ים מֵֽעָרָיו֙
מִקָּצֵ֔הוּ צְבִ֣י אֶ֗רֶץ בֵּ֚ית הַיְשִׁימֹ֔ת בַּ֥עַל מְע֖וֹן וְקִרְיָתָֽמָה׃
י לִבְנֵי־קֶ֙דֶם֙ עַל־בְּנֵ֣י עַמּ֔וֹן וּנְתַתִּ֖יהָ לְמוֹרָשָׁ֑ה לְמַ֛עַן לֹֽא־
יא תִזָּכֵ֥ר בְּנֵֽי־עַמּ֖וֹן בַּגּוֹיִֽם׃ וּבְמוֹאָ֖ב אֶעֱשֶׂ֣ה שְׁפָטִ֑ים וְיָדְע֖וּ
יב כִּֽי־אֲנִ֥י יְהוָֽה׃ כֹּ֚ה אָמַר֙ אֲדֹנָ֣י יְהוִ֔ה יַ֛עַן עֲשׂ֥וֹת אֱד֖וֹם
בִּנְקֹ֣ם נָקָ֑ם לְבֵ֣ית יְהוּדָ֑ה וַיֶּאְשְׁמ֥וּ אָשׁ֖וֹם וְנִקְּמ֥וּ בָהֶֽם׃

כה, ג׳ קמץ בלא אתנח ז׳ לבג קרי ט׳ וקריתמה קרי

25 און דו מענטשנקינד, פאַרוואָר,
אין דעם טאָג וואָס איך נעם אַוועק פון זיי זייער פעסטונג,
די פרייד פון זייער שיינקייט,
די גלוסטונג פון זייערע אויגן,
און דעם באַגער פון זייער זעל,
זייערע זין און זייערע טעכטער,
26 אין יענעם טאָג וועט קומען צו דיר אַן אַנטרונענער,
דאָס צו מאַכן הערן אין דיינע אויערן.
27 אין יענעם טאָג וועט דיין מויל געעפנט ווערן צום אַנטרונענעם,
און וועסט רעדן, און מער ניט שטום זייןא;
און וועסט זיי זיין פאַר אַ צייכן;
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה.

# כה

1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
2 מענטשנקינד, טו דיין פנים צו די קינדער פון עַמון,
און זאָג נביאות אויף זיי.
3 און זאָלסט זאָגן צו די קינדער פון עַמון:
הערט דאָס וואָרט פון גאָט דעם האַר:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
ווייל דו האָסט געזאָגט: אַהאַ!
אויף מיין הייליקטום, וואָס עס איז פאַרשוועכט געוואָרן,
און אויף דער ערד פון ישראל, וואָס זי איז פאַרוויסט געוואָרן,
און אויף דעם הויז פון יהודה, וואָס זיי זיינען אין גלות אַוועק,
4 דרום זע, איך גיב דיך צו די קינדער פון מזרח פאַר אַ ירושה,
און זיי וועלן באַזעצן זייערע לאַגערדערפער אין דיר,
און מאַכן אין דיר זייערע וווינונגען;
זיי וועלן עסן דיין פרוכט,
און זיי וועלן טרינקען דיין מילך.
5 און איך וועל מאַכן רַבָּה פאַר א פיטערפלאַץ פון קעמלען,
און די קינדער פון עַמון פאַר אַ הויעראָרט פון שאָף;
און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה.

6 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
ווייל דו האָסט געפּאַטשט מיט דער האַנט,
און געקלאַפּט מיטן פוס,
און זיך געפרייט אין אַל דיין פאַראַכטונג פון דער זעל,
וועגן דער ערד פון ישראל,
7 דרום זע, איך האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנט אויף דיר,
און איך וועל דיך מאַכן צו רויב פאַר די פעלקער,
און וועל דיך פאַרשניידן פון די אומות,
און וועל דיך אונטערברענגען פון די לענדער;
איך וועל דיך פאַרטיליקן,
און וועסט וויסן אַז איך בין יהוה.

8 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
ווייל מואָב און שֵׂעִיר האָבן געזאָגט:
זע, אַזוי ווי אַלע פעלקער איז דאָס הויז פון יהודה,
9 דרום זע, איך עפן דעם רוקן פון מואָב פון די שטעט,
פון זיינע שטעט ביי זיין עק,
דאָס שיינע לאַנד בֵּית־יְשִׁימוֹת, בַּעַל־מְעוֹן, און קִרְיָתַיִם,
10 אין איינעם מיט די קינדער פון עַמון–
פאַר די קינדער פון מזרח,
און איך וועל עס זיי געבן פאַר אַ ירושה,
כדי די קינדער פון עַמון
זאָלן מער ניט געדאַכט ווערן צווישן די פעלקער.
11 און איך וועל טאָן אַ משפט אויף מואָב,
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה.

12 אַזוי האָט געזאָגט דער האַר:
ווייל אֱדוֹם איז זיך באַגאַנגען מיט נקמה־נעמונג
אַקעגן דעם הויז פון יהודה,
און זיי האָבן זיך שולדיק פאַרשולדיקט,
און זיך נוקם געווען אָן זיי,

א זע ג, 26–27.

13 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
איך וועל אויסשטרעקן מיין האַנט אויף אֶדוֹם,
און וועל פאַרשניידן פון איר מענטשן און בהמות,
און וועל זי מאַכן אַ וויסטעניש פון תֵּימָן ביז דְדָן;
דורכן שווערד וועלן זיי פאַלן.
14 און איך וועל ברענגען מיין נקמה אויף אֱדוֹם
דורך דער האַנט פון מיין פאָלק ישׂראל,
און זיי וועלן טאָן צו אֱדוֹם
לויט מיין כּעס און לויט מיין גרימצאָרן;
און זיי וועלן שפּירן מיין נקמה,
זאָגט גאָט דער האַר.

15 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
ווייל די פּלִשתּים זיינען זיך באַגאַנגען מיט נקמה,
און האָבן נקמה גענומען מיט פאַראַכטונג פון דער זעל,
אומצוברענגען, פון אייביקער שׂנאה,
16 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
זע, איך שטרעק אויס מיין האַנט אויף די פּלִשתּים,
און וועל פאַרשניידן די כְּרֵתִים[א],
און וועל אונטערברענגען דעם איבערבלייב
פון דעם באָרטן פון ים.
17 און איך וועל טאָן אויף זיי גרויסע נקמות
מיט שטראָפן פון גרימצאָרן;
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה,
ווען איך ברענג מיין נקמה אויף זיי.

כו 1 און עס איז געווען אין עלפטן יאָר, אין ערשטן טאָג פון חודש, איז געווען דאָס וואָרט פון גאָט צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
2 מענטשנקינד, ווייל צוֹר האָט געזאָגט אויף ירושָלַיִם:
אַהאַ! צעבראָכן איז די טיר פון די אומות,
צו מיר גייט עס איבער;
איך וועל פול ווערן פון דעם חורבן.
3 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
זע, איך קום אויף דיר, צוֹר,
און וועל אויפברענגען אויף דיר פיל פעלקער,
אַזוי ווי דער ים ברענגט אויף זיינע כוואַליעס... 

8 דיינע טעכטערשטעט אין פעלד

אֶת־כָּל־חוּצוֹתַיִךְ עַמֵּךְ בַּחֶרֶב יַהֲרֹג וּמַצְּבוֹת עֻזֵּךְ לָאָרֶץ
תֵּרֵד׃ וְשָׁלְלוּ חֵילֵךְ וּבָזְזוּ רְכֻלָּתֵךְ וְהָרְסוּ חוֹמוֹתַיִךְ יב
וּבָתֵּי חֶמְדָּתֵךְ יִתֹּצוּ וַאֲבָנַיִךְ וְעֵצַיִךְ וַעֲפָרֵךְ בְּתוֹךְ מַיִם
יָשִׂימוּ׃ וְהִשְׁבַּתִּי הֲמוֹן שִׁירָיִךְ וְקוֹל כִּנּוֹרַיִךְ לֹא יִשָּׁמַע יג
עוֹד׃ וּנְתַתִּיךְ לִצְחִיחַ סֶלַע מִשְׁטַח חֲרָמִים תִּהְיֶה לֹא יד
תִבָּנֶה עוֹד כִּי אֲנִי יְהוָה דִּבַּרְתִּי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃
כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה לְצוֹר הֲלֹא ׀ מִקּוֹל מַפַּלְתֵּךְ בֶּאֱנֹק טו
חָלָל בֵּהָרֵג הֶרֶג בְּתוֹכֵךְ יִרְעֲשׁוּ הָאִיִּים׃ וְיָרְדוּ מֵעַל טז
כִּסְאוֹתָם כֹּל נְשִׂיאֵי הַיָּם וְהֵסִירוּ אֶת־מְעִילֵיהֶם וְאֶת־בִּגְדֵי
רִקְמָתָם יִפְשֹׁטוּ חֲרָדוֹת ׀ יִלְבָּשׁוּ עַל־הָאָרֶץ יֵשֵׁבוּ וְחָרְדוּ
לִרְגָעִים וְשָׁמְמוּ עָלָיִךְ׃ וְנָשְׂאוּ עָלַיִךְ קִינָה וְאָמְרוּ לָךְ אֵיךְ יז
אָבַדְתְּ נוֹשֶׁבֶת מִיַּמִּים הָעִיר הַהֻלָּלָה אֲשֶׁר הָיְתָה חֲזָקָה
בַיָּם הִיא וְיֹשְׁבֶיהָ אֲשֶׁר־נָתְנוּ חִתִּיתָם לְכָל־יוֹשְׁבֶיהָ׃ עַתָּה יח
יֶחְרְדוּ הָאִין יוֹם מַפַּלְתֵּךְ וְנִבְהֲלוּ הָאִיִּים אֲשֶׁר־בַּיָּם
מִצֵּאתֵךְ׃ כִּי כֹה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה בְּתִתִּי אֹתָךְ עִיר יט
נֶחֱרֶבֶת כֶּעָרִים אֲשֶׁר לֹא־נוֹשָׁבוּ בְּהַעֲלוֹת עָלַיִךְ אֶת־תְּהוֹם
וְכִסּוּךְ הַמַּיִם הָרַבִּים׃ וְהוֹרַדְתִּיךְ אֶת־יוֹרְדֵי בוֹר אֶל־עַם כ
עוֹלָם וְהוֹשַׁבְתִּיךְ בְּאֶרֶץ תַּחְתִּיּוֹת כָּחֳרָבוֹת מֵעוֹלָם אֶת־
יוֹרְדֵי בוֹר לְמַעַן לֹא תֵשֵׁבִי וְנָתַתִּי צְבִי בְּאֶרֶץ חַיִּים׃
בַּלָּהוֹת אֶתְּנֵךְ וְאֵינֵךְ וּתְבֻקְשִׁי וְלֹא־תִמָּצְאִי עוֹד לְעוֹלָם כא
נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃

## כז

וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם שָׂא עַל־צֹר א ב
קִינָה׃ וְאָמַרְתָּ לְצוֹר הַיֹּשֶׁבְתִי עַל־מְבוֹאֹת יָם רֹכֶלֶת ג
הָעַמִּים אֶל־אִיִּים רַבִּים כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה צוֹר אַתְּ
אָמַרְתְּ אֲנִי כְּלִילַת יֹפִי׃ בְּלֵב יַמִּים גְּבוּלָיִךְ בֹּנַיִךְ כָּלְלוּ ד
יָפְיֵךְ׃ בְּרוֹשִׁים מִשְּׂנִיר בָּנוּ לָךְ אֵת כָּל־לֻחֹתָיִם אֶרֶז ה

כו, טו׳ קמץ בפשטא   יז׳ כ״א מקפים   כ׳ כצ״ל נכ׳   כז, ג׳ הישבת קרי

וועט ער צעטרעטן אַלע דיינע גאַסן;
דיין פֿאָלק וועט ער מיטן שווערד אויסהרגען.
און דיינע שטאַרקע זיילשטיינער
וועלן צו דער ערד נידערן.
12 און זיי וועלן ראַבעווען דיין פֿאַרמעג,
און רויבן דיין סחורה;
און זיי וועלן צעשטערן דיינע מויערן,
און דיינע גלוסטיקע הייזער וועלן זיי צעברעכן;
און דיינע שטיינער און דיינע האָלצן און דיין ערד
וועלן זיי אין מיטן וואַסער אַהינטאָן.
13 און איך וועל מאַכן אויפֿהערן
דעם טומל פֿון דיינע געזאַנגען,
און דער קָול פֿון דיינע האַרפֿן
וועט מער ניט געהערט ווערן.
14 און איך וועל דיך מאַכן פֿאַר אַ גלאַטן פֿעלז,
אויף אויסשפּרייטן נעצן וועסטו זיין;
וועסט מער ניט אָפּגעבויט ווערן;
וואָרום איך יהוה האָב גערעדט, זאָגט גאָט דער האַר.

15 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר צו צור:
פֿאַרוואָר, פֿון דעם קלאַפּ פֿון דיין פֿאַלן,
ווען דערשלאָגענע קרעכצן,
ווען הרוגים ווערן געהרגעט אין דיר,
וועלן ציטערן די אינדזלען.
16 און נידערן פֿון זייערע טראָנען
וועלן אַלע פֿירשטן פֿון ים,
און זיי וועלן אויסטאָן זייערע מאַנטלען,
און זייערע געשטיקטע קליידער וועלן זיי אַראָפּציען;
ציטערניש וועלן זיי אָנטאָן,
אויף דער ערד וועלן זיי זיצן,
און אויפֿציטערן וועלן זיי אַלע רגע,
און באַנומען ווערן פֿון וועגן דיר.
17 און זיי וועלן אויפֿהייבן אויף דיר אַ קלאָג,
און וועלן זאָגן צו דיר:
ווי ביסטו אונטערגעגאַנגען, דו באַזעצטע ביי ימען,
דו גערימטע שטאָט,
וואָס איז געווען שטאַרק אויפֿן ים,
זי און אירע באַוווינער,
וואָס האָבן געוואָרפֿן זייער שרעק
אויף אַלע באַוווינער פֿון דער [ערד]!
18 אַצונד ציטערן די אינדזלען
אין טאָג פֿון דיין פֿאַלן;
יאָ, די אינדזלען וואָס אין ים
זיינען דערשראָקן פֿון דיין אויסלאָז.
19 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
ווען איך מאַך דיך אַ פֿאַרוויסטע שטאָט,
ווי שטעט וואָס ווערן ניט באַוווינט,
ווען איך ברענג־אויף דיר דעם תּהום,
און די גרויסע וואַסערן וועלן דיך באַדעקן,
20 וועל איך דיך נידערן מיט די געגידערטע אין גרוב,
מיט דעם פֿאָלק פֿון פֿאַרצייטן,
און איך וועל דיך באַזעצן אין אונטערערד,
ווי די חורבות פֿון פֿאַרצייטן,
מיט די גענידערטע אין גרוב,
כּדי דו זאָלסט ניט באַזעצט ווערן;
און איך וועל געבן פּראַכט אין לאַנד פֿון די לעבעדיקע.
21 פֿאַר אַ שרעקעניש וועל איך דיך מאַכן,
און וועסט מער ניט זיין,
און וועסט געזוכט ווערן,
און מער ניט געפֿונען ווערן אויף אייביק,
זאָגט גאָט דער האַר.

## כז

1 און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
2 און דו מענטשנקינד, הייב אויף אַ קלאָג אויף צור,
3 און זאָלסט זאָגן צו צור,
וואָס זיצט ביי די איינגאַנגען פֿון ים,
וואָס האַנדלט מיט פֿעלקער אין אינדזלען פֿיל:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
צור, דו האָסט געזאָגט:
איך בין פֿאַרפֿול אין שיינקייט.
4 אין האַרצן פֿון די ימען זיינען דיינע געמאַרקן,
דיינע בויערס האָבן דיין שיינקייט פֿאַרפֿולט.
5 פֿון ציפּרעסן פֿון שניר
האָבן זיי דיר אַלע ברעטער געבויט;

ו מִלְּבָנוֹן לָקָחוּ לַעֲשׂוֹת תֹּרֶן עָלָיִךְ׃ אַלּוֹנִים מִבָּשָׁן עָשׂוּ
ז מִשּׁוֹטָיִךְ קַרְשֵׁךְ עֲשׂוּ־שֵׁן בַּת־אֲשֻׁרִים מֵאִיֵּי כִּתִּיִם׃ שֵׁשׁ
בְּרִקְמָה מִמִּצְרַיִם הָיָה מִפְרָשֵׂךְ לִהְיוֹת לָךְ לְנֵס תְּכֵלֶת
ח וְאַרְגָּמָן מֵאִיֵּי אֱלִישָׁה הָיָה מְכַסֵּךְ׃ יֹשְׁבֵי צִידוֹן וְאַרְוַד הָיוּ
ט שָׁטִים לָךְ חֲכָמַיִךְ צוֹר הָיוּ בָךְ הֵמָּה חֹבְלָיִךְ׃ זִקְנֵי גְבַל
וַחֲכָמֶיהָ הָיוּ בָךְ מַחֲזִיקֵי בִּדְקֵךְ כָּל־אֳנִיּוֹת הַיָּם וּמַלָּחֵיהֶם
י הָיוּ בָךְ לַעֲרֹב מַעֲרָבֵךְ׃ פָּרַס וְלוּד וּפוּט הָיוּ בְחֵילֵךְ
אַנְשֵׁי מִלְחַמְתֵּךְ מָגֵן וְכוֹבַע תִּלּוּ־בָךְ הֵמָּה נָתְנוּ הֲדָרֵךְ׃
יא בְּנֵי אַרְוַד וְחֵילֵךְ עַל־חוֹמוֹתַיִךְ סָבִיב וְגַמָּדִים בְּמִגְדְּלוֹתַיִךְ
הָיוּ שִׁלְטֵיהֶם תִּלּוּ עַל־חוֹמוֹתַיִךְ סָבִיב הֵמָּה כָּלְלוּ יָפְיֵךְ׃
יב תַּרְשִׁישׁ סֹחַרְתֵּךְ מֵרֹב כָּל־הוֹן בְּכֶסֶף בַּרְזֶל בְּדִיל וְעוֹפֶרֶת
יג נָתְנוּ עִזְבוֹנָיִךְ׃ יָוָן תֻּבַל וָמֶשֶׁךְ הֵמָּה רֹכְלָיִךְ בְּנֶפֶשׁ אָדָם
יד וּכְלֵי נְחֹשֶׁת נָתְנוּ מַעֲרָבֵךְ׃ מִבֵּית תּוֹגַרְמָה סוּסִים
טו וּפָרָשִׁים וּפְרָדִים נָתְנוּ עִזְבוֹנָיִךְ׃ בְּנֵי דְדָן רֹכְלַיִךְ אִיִּים
רַבִּים סְחֹרַת יָדֵךְ קַרְנוֹת שֵׁן וְהוֹבְנִים הֵשִׁיבוּ אֶשְׁכָּרֵךְ׃
טז אֲרָם סֹחַרְתֵּךְ מֵרֹב מַעֲשָׂיִךְ בְּנֹפֶךְ אַרְגָּמָן וְרִקְמָה וּבוּץ
יז וְרָאמֹת וְכַדְכֹּד נָתְנוּ בְּעִזְבוֹנָיִךְ׃ יְהוּדָה וְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל
הֵמָּה רֹכְלָיִךְ בְּחִטֵּי מִנִּית וּפַנַּג וּדְבַשׁ וָשֶׁמֶן וָצֹרִי נָתְנוּ
יח מַעֲרָבֵךְ׃ דַּמֶּשֶׂק סֹחַרְתֵּךְ בְּרֹב מַעֲשַׂיִךְ מֵרֹב כָּל־הוֹן
יט בְּיֵין חֶלְבּוֹן וְצֶמֶר צָחַר׃ וְדָן וְיָוָן מְאוּזָּל בְּעִזְבוֹנַיִךְ נָתָנּוּ
כ בַּרְזֶל עָשׁוֹת קִדָּה וְקָנֶה בְּמַעֲרָבֵךְ הָיָה׃ דְּדָן רֹכַלְתֵּךְ
כא בְּבִגְדֵי־חֹפֶשׁ לְרִכְבָּה׃ עֲרַב וְכָל־נְשִׂיאֵי קֵדָר הֵמָּה סֹחֲרֵי
כב יָדֵךְ בְּכָרִים וְאֵילִם וְעַתּוּדִים בָּם סֹחֲרָיִךְ׃ רֹכְלֵי שְׁבָא
וְרַעְמָה הֵמָּה רֹכְלָיִךְ בְּרֹאשׁ כָּל־בֹּשֶׂם וּבְכָל־אֶבֶן יְקָרָה
כג וְזָהָב נָתְנוּ עִזְבוֹנָיִךְ׃ חָרָן וְכַנֵּה וָעֶדֶן רֹכְלֵי שְׁבָא אַשּׁוּר
כד כִּלְמַד רֹכַלְתֵּךְ׃ הֵמָּה רֹכְלַיִךְ בְמַכְלֻלִים בִּגְלוֹמֵי תְּכֵלֶת
וְרִקְמָה וּבְגִנְזֵי בְּרֹמִים בַּחֲבָלִים חֲבֻשִׁים וַאֲרֻזִים

ח׳ קמץ בז״ק   ו׳ כתים קרי   טו׳ והבנים קרי   יט׳ דגש אחר שורק   רגי בדגש

צעדער פון לְבָנוֹן האָבן זיי גענומען,
צו מאַכן מאַסטן פאַר דיר.
6 פון אייכנביימער פון בָּשָׁן
האָבן זיי דיינע רודערס געמאַכט;
דיין דעק האָבן זיי געמאַכט
פון עלפנביין מיט בוקסנהאָלץ
פון די אינדזלען פון די כִּתִּים.
7 ליינען מיט שטיקעריי פון מִצְרַיִם
איז דיין זאַגל געווען,
דיר צו זיין פאַר אַ פאָן;
בלאָ און פורפל פון די אינדזלען פון אֱלִישָׁה
איז דיין איבערדעק געווען.
8 די באַוווינער פון צידון און אַרוַד
זיינען דיר רודערערס געווען;
דיינע קלוגע לייט, צור, זיינען אין דיר געווען,
זיי זיינען דיינע שיפפירער געווען.
9 די עלטסטע פון גבַל און אירע קלוגע לייט
זיינען אין דיר געווען דיינע שפּאַלטנפאַרריכטער;
אַלע שיפן פון ים מיט זייערע שיפלייט
זיינען אין דיר געווען, צו האַנדלען דיין האַנדל.
10 פָּרַס און לוד און פוט זיינען אין דיין חיל געווען,
דיינע לייט פון מלחמה;
פאַנצער און קיווער האָבן זיי אויפגעהאַנגען אין
דיר,
זיי האָבן דיר שיינקייט געגעבן.
11 די זין פון אַרוַד און חֵילֵך
אויף דיינע מויערן רונד אַרום,
און די גַמָּדים
זיינען אין דיינע טורעמס געווען;
זייערע שילדן האָבן זיי אויפגעהאַנגען
אויף דיינע מויערן רונד אַרום;
זיי האָבן דיין שיינקייט פאַרפולט.
12 תַּרשיש איז דיין סוחר געווען,
פון וועגן דער פילקייט פון אַלערליי גוטס;
מיט זילבער, אַייזן, צין, און בליי,
האָבן זיי פאַר דיינע סחורות אָפגעגעבן.
13 יָוָן, תּובַל, און מֶשֶך,
זיי זיינען דיינע האַנדלסלייט געווען;
נפשות פון מענטשן און קופערנע כלים
האָבן זיי דיר אין האַנדל געגעבן.
14 פון דעם הויז פון תּוגַרמָה
פערד און רייטער און מוילאייזלען
האָט מען פאַר דיינע סחורות געגעבן.
15 די זין פון דדָן זיינען דיינע האַנדלסלייט געווען;
פיל אינדזלען זיינען געווען די סחורה פון דיין
האַנט;
הערנער פון עלפנביין און עבנהאָלץ
האָבן זיי דיר אָפּגאָב געבראַכט.
16 אַרָם איז דיין סוחר געווען,
פון וועגן פיל געשעפטן דיינע;
מיט גאַרפונקל, פורפל, און שטיקעריי,
און פיינליינען, און קאַרעלן, און רובין,
האָבן זיי פאַר דיינע סחורות אָפגעגעבן.
17 יהודה און דאָס לאַנד פון ישׂראל,
זיי זיינען דיינע האַנדלסלייט געווען;
ווייץ פון מִנית, און זיסוואַרג,
און האָניק און אייל, און באַלזאַם,
האָבן זיי דיר אין האַנדל געגעבן.
18 דַמֶשֶׂק איז דיין סוחר געווען,
צוליב די פיל געשעפטן דיינע,
פון וועגן דער פילקייט פון אַלערליי גוטס,
אין וויין פון חֶלבּון, און ווייסער וואָל.
19 וְדָן און יָוָן האָבן געגעבן געשפּינס פאַר דיינע סחורות;
שמידאַייזן, קאַניל, און געווירצראָר
זיינען געווען אין דיין האַנדל.
20 דדָן האָט געהאַנדלט מיט דיר
אין טייערע בגדים צום רייטן.
21 עֲרָב און אַלע פירשטן פון קֵדָר,
זיי זיינען די סָוחרים פון דיין האַנט געווען;
אין לעמער, און ווידערס, און בעק,
דערין זיינען זיי דיינע סָוחרים געווען.
22 די האַנדלסלייט פון שבאָ און רַעְמָה,
זיי זיינען דיינע האַנדלסלייט געווען;
מיטן בעסטן פון אַלערליי בשׂמים,
און מיט אַלערליי טייער געשטיין, און גאָלד,
האָבן זיי פאַר דיינע סחורות אָפגעגעבן.
23 חָרָן און כַּנֵה און עֶדֶן, די האַנדלסלייט פון שבאָ–
אַשור איז ווי דיין תּלמיד אין האַנדל געווען.
24 זיי זיינען דיינע האַנדלסלייט געווען אין פּראַכטצייגן,
אין בלאָע מאַנטלען און שטיקעריי,
און אין קאַסטנס מיט פאַרביקע טוכן,
פאַרבונדן מיט שטריק, און באַפעסטיקט–אויף דיין
מאַרק.

בְּמַרְכֻלְתֵּךְ׃ אֳנִיּוֹת תַּרְשִׁישׁ שָׁרוֹתַיִךְ מַעֲרָבֵךְ וַתִּמָּלְאִי כה
וַתִּכְבְּדִי מְאֹד בְּלֵב יַמִּים׃ בְּמַיִם רַבִּים הֱבִאוּךְ הַשָּׁטִים כו
אֹתָךְ רוּחַ הַקָּדִים שְׁבָרֵךְ בְּלֵב יַמִּים׃ הוֹנֵךְ וְעִזְבוֹנַיִךְ כז
מַעֲרָבֵךְ מַלָּחַיִךְ וְחֹבְלָיִךְ מַחֲזִיקֵי בִדְקֵךְ וְעֹרְבֵי מַעֲרָבֵךְ
וְכָל־אַנְשֵׁי מִלְחַמְתֵּךְ אֲשֶׁר־בָּךְ וּבְכָל־קְהָלֵךְ אֲשֶׁר בְּתוֹכֵךְ
יִפְּלוּ בְּלֵב יַמִּים בְּיוֹם מַפַּלְתֵּךְ׃ לְקוֹל זַעֲקַת חֹבְלָיִךְ כח
יִרְעֲשׁוּ מִגְרֹשׁוֹת׃ וְיָרְדוּ מֵאֳנִיּוֹתֵיהֶם כֹּל תֹּפְשֵׂי מָשׁוֹט כט
מַלָּחִים כֹּל חֹבְלֵי הַיָּם אֶל־הָאָרֶץ יַעֲמֹדוּ׃ וְהִשְׁמִיעוּ עָלַיִךְ ל
בְּקוֹלָם וְיִזְעֲקוּ מָרָה וְיַעֲלוּ עָפָר עַל־רָאשֵׁיהֶם בָּאֵפֶר
יִתְפַּלָּשׁוּ׃ וְהִקְרִיחוּ אֵלַיִךְ קָרְחָה וְחָגְרוּ שַׂקִּים וּבָכוּ אֵלַיִךְ לא
בְּמַר־נֶפֶשׁ מִסְפֵּד מָר׃ וְנָשְׂאוּ אֵלַיִךְ בְּנִיהֶם קִינָה וְקוֹנְנוּ לב
עָלָיִךְ מִי כְצוֹר כְּדֻמָה בְּתוֹךְ הַיָּם׃ בְּצֵאת עִזְבוֹנַיִךְ מִיַּמִּים לג
הִשְׂבַּעַתְּ עַמִּים רַבִּים בְּרֹב הוֹנַיִךְ וּמַעֲרָבַיִךְ הֶעֱשַׁרְתְּ מַלְכֵי־
אָרֶץ׃ עֵת נִשְׁבֶּרֶת מִיַּמִּים בְּמַעֲמַקֵּי־מָיִם מַעֲרָבֵךְ וְכָל־ לד
קְהָלֵךְ בְּתוֹכֵךְ נָפָלוּ׃ כֹּל יֹשְׁבֵי הָאִיִּים שָׁמְמוּ עָלָיִךְ לה
וּמַלְכֵיהֶם שָׂעֲרוּ שַׂעַר רָעֲמוּ פָּנִים׃ סֹחֲרִים בָּעַמִּים שָׁרְקוּ לו
עָלָיִךְ בַּלָּהוֹת הָיִית וְאֵינֵךְ עַד־עוֹלָם׃

## כח

וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם אֱמֹר לִנְגִיד צֹר כֹּה־ א ב
אָמַר ׀ אֲדֹנָי יֱהוִה יַעַן גָּבַהּ לִבְּךָ וַתֹּאמֶר אֵל אָנִי מוֹשַׁב
אֱלֹהִים יָשַׁבְתִּי בְּלֵב יַמִּים וְאַתָּה אָדָם וְלֹא־אֵל וַתִּתֵּן לִבְּךָ
כְּלֵב אֱלֹהִים׃ הִנֵּה חָכָם אַתָּה מִדָּנִאֵל כָּל־סָתוּם לֹא ג
עֲמָמוּךָ׃ בְּחָכְמָתְךָ וּבִתְבוּנָתְךָ עָשִׂיתָ לְּךָ חָיִל וַתַּעַשׂ זָהָב ד
וָכֶסֶף בְּאוֹצְרוֹתֶיךָ׃ בְּרֹב חָכְמָתְךָ בִּרְכֻלָּתְךָ הִרְבִּיתָ חֵילֶךָ ה
וַיִּגְבַּהּ לְבָבְךָ בְּחֵילֶךָ׃ לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה ו
יַעַן תִּתְּךָ אֶת־לְבָבְךָ כְּלֵב אֱלֹהִים׃ לָכֵן הִנְנִי מֵבִיא עָלֶיךָ ז
זָרִים עָרִיצֵי גּוֹיִם וְהֵרִיקוּ חַרְבוֹתָם עַל־יְפִי חָכְמָתֶךָ וְחִלְּלוּ

---

כז, כח׳ הד׳ סהלם   לא׳ א׳ נמקם ה׳   לב׳ הנ׳ מחוק

25 די שיפן פון תַּרשיש
האָבן דיר דיין האַנדל געבראַכט.
און האָסט זיך אָנגעפילט, און ביסט זייער שווער געווען,
אין האַרצן פון די ימען.
26 אין גרויסע וואַסערן
האָבן דיך דיינע רודערערס געבראַכט;
דער מזרח־ווינט האָט דיך צעבראָכן
אין האַרצן פון די ימען.
27 דיין גוטס און דיינע סחורות,
דיין האַנדל, דיינע שיפלייט, און דיינע שיפפירער,
דיינע שפּאַלטנפאַרריכטער,
און די הענדלער פון דיין האַנדל,
און אַלע דיינע מלחמה־לייט וואָס אין דיר,
און מיט אַל דיין געזעמל וואָס אין דיין מיט,
וועלן אַריינפאַלן אין האַרצן פון די ימען,
אין טאָג פון דיין פאַלן.
28 פון דעם ווייגעשריי פון דיינע שיפפירער
וועלן שטורעמען די אינדן.
29 און נידערן וועלן פון זייערע שיפן
אַלע וואָס האַלטן אַ רודער;
די שיפלייט, אַלע שיפפירער,
וועלן אויף דער ערד בלייבן שטיין.
30 און זיי וועלן מאַכן הערן זייער קול וועגן דיר,
און שרייען וועלן זיי ביטער;
און זיי וועלן אַרויפטאָן שטויב אויף זייערע קעפּ,
אין אַש וועלן זיי זיך קייקלען.
31 און מאַכן אַ פּליך וועלן זיי נאָך דיר,
און אָנגורטן זאַקקליידער וועלן זיי,
און וויינען וועלן זיי אויף דיר מיט אַ ביטער געמיט,
אַ קלאָגעניש אַ ביטערע.
32 און אין זייער יאָמער וועלן זיי אויפהייבן אויף דיר אַ
קלאָג,
און קלאָגן וועלן זיי אויף דיר:
ווער איז ווי צור געווען
פאַראַנקערט אין מיטן פון ים!
33 ווען דיינע סחורות פלעגן פון די ימען אַרויס,
האָסטו פיל פעלקער אָנגעזעט;
מיט דיין פיל גוטס און דיין האַנדל
האָסטו רייך געמאַכט די מלכים פון דער ערד.
34 אַצונד אַז דו ביסט צעבראָכן פון די ימען,
אין די טיפענישן פון די וואַסערן,
אַז דיין האַנדל און אַל דיין געזעמל
זיינען געפאַלן אין דיין מיט,
35 ווערן אַלע באַוווינער פון די אינדזלען
באַנומען איבער דיר,
און זייערע מלכים שוידערן אַ שוידער;
זייער פּנים איז צערודערט.
36 די סוֹחרים צווישן די פעלקער
שמוצערן אויף דיר;
אַ שרעקעניש ביסטו געוואָרן,
און ביסט אויף אייביק ניטאָ.

## כח

1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר,
אַזוי צו זאָגן:
2 מענטשנקינד, זאָג צו דעם פירשט פון צור:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
ווייל דיין האַרץ האָט זיך דערהויבן,
און דו האָסט געזאָגט: אַ גאָט בין איך,
די זיצונג פון געטער טו איך זיצן
אין האַרצן פון די ימען;
און ביסט דאָך אַ מענטש און ניט אַ גאָט,
נאָר האָסט געמאַכט דיין האַרץ ווי דאָס האַרץ פון אַ גאָט:
3 ביסט דאָך מער חכם פון דָניאֵלן,
קיין פאַרבאָרגעניש האָט מען פון דיר ניט פאַרהוילן!
4 מיט דיין גרויס חכמה און מיט דיין שׂכל
האָסטו דיר אָנגעשאַפט אַ פאַרמעג,
און אָנגעשאַפט גאָלד און זילבער אין דיינע אוצרות.
5 מיט דיין גרויס חכמה, מיט דיין האַנדל,
האָסטו געמערט דיין פאַרמעג!
און דיין האַרץ האָט זיך דערהויבן פון וועגן דיין פאַרמעג.
6 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
ווייל דו האָסט געמאַכט דיין האַרץ ווי דאָס האַרץ פון אַ
גאָט,
7 דרום זע, איך ברענג אויף דיר פרעמדע,
די פאָרכטיקסטע פון די פעלקער;
און זיי וועלן אַרויסציען זייערע שווערדן
אויף דיין שיינער חכמה,
און זיי וועלן פאַרשוועכן דיין גלאַנץ.

ח יִפְעָתֶךָ׃ לַשַּׁחַת יוֹרִדוּךָ וָמַתָּה מְמוֹתֵי חָלָל בְּלֵב יַמִּים׃
ט הֶאָמֹר תֹּאמַר אֱלֹהִים אָנִי לִפְנֵי הֹרְגֶךָ וְאַתָּה אָדָם וְלֹא־
י אֵל בְּיַד מְחַלְלֶיךָ׃ מוֹתֵי עֲרֵלִים תָּמוּת בְּיַד זָרִים כִּי אֲנִי
יא דִבַּרְתִּי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי
יב לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם שָׂא קִינָה עַל־מֶלֶךְ צוֹר וְאָמַרְתָּ לּוֹ כֹּה
אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה אַתָּה חוֹתֵם תָּכְנִית מָלֵא חָכְמָה וּכְלִיל
יג יֹפִי׃ בְּעֵדֶן גַּן־אֱלֹהִים הָיִיתָ כָּל־אֶבֶן יְקָרָה מְסֻכָתֶךָ אֹדֶם
פִּטְדָה וְיָהֲלֹם תַּרְשִׁישׁ שֹׁהַם וְיָשְׁפֵה סַפִּיר נֹפֶךְ וּבָרְקַת
וְזָהָב מְלֶאכֶת תֻּפֶּיךָ וּנְקָבֶיךָ בָּךְ בְּיוֹם הִבָּרַאֲךָ כּוֹנָנוּ׃
יד אַתְּ־כְּרוּב מִמְשַׁח הַסּוֹכֵךְ וּנְתַתִּיךָ בְּהַר קֹדֶשׁ אֱלֹהִים הָיִיתָ
טו בְּתוֹךְ אַבְנֵי־אֵשׁ הִתְהַלָּכְתָּ׃ תָּמִים אַתָּה בִּדְרָכֶיךָ מִיּוֹם
טז הִבָּרְאָךְ עַד־נִמְצָא עַוְלָתָה בָּךְ׃ בְּרֹב רְכֻלָּתְךָ מָלוּ תוֹכְךָ
חָמָס וַתֶּחֱטָא וָאֲחַלֶּלְךָ מֵהַר אֱלֹהִים וָאַבֶּדְךָ כְּרוּב הַסֹּכֵךְ
יז מִתּוֹךְ אַבְנֵי־אֵשׁ׃ גָּבַהּ לִבְּךָ בְּיָפְיֶךָ שִׁחַתָּ חָכְמָתְךָ עַל־
יִפְעָתֶךָ עַל־אֶרֶץ הִשְׁלַכְתִּיךָ לִפְנֵי מְלָכִים נְתַתִּיךָ לְרַאֲוָה־
יח בָךְ׃ מֵרֹב עֲוֺנֶיךָ בְּעֶוֶל רְכֻלָּתְךָ חִלַּלְתָּ מִקְדָּשֶׁיךָ וָאוֹצִא־
אֵשׁ מִתּוֹכְךָ הִיא אֲכָלַתְךָ וָאֶתֶּנְךָ לְאֵפֶר עַל־הָאָרֶץ לְעֵינֵי
יט כָּל־רֹאֶיךָ׃ כָּל־יוֹדְעֶיךָ בָּעַמִּים שָׁמְמוּ עָלֶיךָ בַּלָּהוֹת הָיִיתָ
כ וְאֵינְךָ עַד־עוֹלָם׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃
כא כב בֶּן־אָדָם שִׂים פָּנֶיךָ אֶל־צִידוֹן וְהִנָּבֵא עָלֶיהָ׃ וְאָמַרְתָּ כֹּה
אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה הִנְנִי עָלַיִךְ צִידוֹן וְנִכְבַּדְתִּי בְּתוֹכֵךְ וְיָדְעוּ
כג כִּי־אֲנִי יְהוָה בַּעֲשׂוֹתִי בָהּ שְׁפָטִים וְנִקְדַּשְׁתִּי בָהּ׃ וְשִׁלַּחְתִּי־
בָהּ דֶּבֶר וָדָם בְּחוּצוֹתֶיהָ וְנִפְלַל חָלָל בְּתוֹכָהּ בְּחֶרֶב
כד עָלֶיהָ מִסָּבִיב וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ וְלֹא־יִהְיֶה עוֹד לְבֵית
יִשְׂרָאֵל סִלּוֹן מַמְאִיר וְקוֹץ מַכְאִב מִכֹּל סְבִיבֹתָם הַשָּׁאטִים
כה אוֹתָם וְיָדְעוּ כִּי אֲנִי אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי
יֱהֹוִה בְּקַבְּצִי ׀ אֶת־בֵּית יִשְׂרָאֵל מִן־הָעַמִּים אֲשֶׁר נָפֹצוּ

טז׳ חסר א׳ כה׳ הפטרת וארא

8 אין גרוב וועלן זיי דיך נידערן,
און דעם טויט פון אַ דערשלאָגענעם וועסטו שטאַרבן,
אין האַרצן פון די ימען.
9 וועסטו דען זאָגן פאַר דיין טייטער:
אַ גאָט בין איך?
ווען אַ מענטש און ניט אַ גאָט וועסטו זיין
אין דער האַנט פון דיין דערשלאָגער.
10 דעם טויט פון אומבאַשניטענע וועסטו שטאַרבן,
דורך דער האַנט פון פרעמדע;
וואָרום איך האָב גערעדט,
זאָגט גאָט דער האַר.

11 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו
זאָגן:
12 מענטשנקינד, הייב אויף אַ קלאָג אויף דעם מלך פון
צור,
און זאָלסט זאָגן צו אים:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
אַ געצירקלטער זיגלרינג ביסטו געווען,
פול מיט חכמה און פאַרפול אין שיינקייט.
13 אין עֵדֶן דעם גאָרטן פון גאָט ביסטו געווען;
אַלערליי טייער געשטיין איז דיין צודעק געווען;
רובין, טאָפּאַז, און דימענט,
גאָלדשטיין, אָניקל, און יאַשפּיז,
סאַפּירשטיין, גאַרפונקל, און שמאַראַק, און גאָלד,
דיינע געפייקלטע און געלעכלטע אַרבעט,
זיינען אין טאָג פון דיין באַשאַפן ווערן
געווען אָנגעברייט אין דיר.
14 אַ כּרוב אַ ברייטשירעמענדיקער ביסטו געווען;
און איך האָב דיך אַרויפגעזעצט,
ביז דו ביסט אויף גאָטס הייליקן באַרג געווען;
צווישן פייערשטיינער ביסטו אומגעגאַנגען.
15 גאַנץ ביסטו געווען אין דיינע וועגן,
פון דעם טאָג פון דיין באַשאַפן ווערן,
ביז אומרעכט איז געפונען געוואָרן אין דיר.
16 דורך דיין גרויס האַנדלשאַפט
האָט מען דיך אָנגעפילט אינעווייניק מיט רויבונג,
און ביסט זינדיק געוואָרן;
דרום האָב איך דיך פאַרשוועכט פון גאָטס באַרג,
און דיך אונטערגעבראַכט, דו שירעמענדיקער כּרוב,
פון צווישן די פייערשטיינער.
17 דיין האַרץ האָט זיך דערהויבן פון וועגן דיין שיינקייט,
האָסט פאַרדאָרבן דיין חכמה איבער דיין גלאַנץ;
האָב איך דיך אויף דער ערד געוואָרפן,
פאַר די מלכים דיך געגעבן, צו קוקן אויף דיר.
18 דורך דיינע פיל זינד, מיט דעם אומרעכט פון דיין האַנדל,
האָסטו פאַרשוועכט דיינע הייליקטומען;
דרום האָב איך געמאַכט אַרויסגיין פון דיר אַ פייער
וואָס האָט דיך פאַרצערט,
און איך האָב דיך געמאַכט צו אַש אויף דער ערד,
פאַר די אויגן פון אַלע וואָס זעען דיך.
19 אַלע וואָס קענען דיך צווישן די פעלקער
ווערן באַנומען איבער דיר;
אַ שרעקעניש ביסטו געוואָרן,
און ביסט אויף אייביק ניטאָ.

20 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי
צו זאָגן:
21 מענטשנקינד, טו דיין פּנים צו צידון,
און זאָג נביאות אויף איר;
22 און זאָלסט זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
זע, איך קום אויף דיר, צידון,
און איך וועל געערלעכט ווערן צווישן דיר;
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה,
ווען איך טו אַ משפּט אין איר,
און איך וועל געהייליקט ווערן אין איר.
23 און איך וועל אָנשיקן אויף איר פּעסט
און בלוט אין אירע גאַסן,
און דערשלאָגענע וועלן פאַלן אין איר מיט
פון דער שווערד וואָס אויף איר פון רונד אַרום;
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה.
24 און מער וועט ניט זיין פאַר דעם הויז פון ישראל
אַ שטעכיק ווילדגעוועקס, און אַ שמאַרציקער דאָרן,
פון אַלע זייערע אַרומיקע וואָס פאַראַכטן זיי;
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין גאָט יהוה.

25 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
ווען איך זאַמל איין דאָס הויז פון ישראל
פון די אומות וואָס זיי זיינען צעשפּרייט געוואָרן צווישן זיי,

בָּם וְנִקְדַּשְׁתִּי בָם לְעֵינֵי הַגּוֹיִם וְיָשְׁבוּ עַל־אַדְמָתָם אֲשֶׁר
כו נָתַתִּי לְעַבְדִּי לְיַעֲקֹב׃ וְיָשְׁבוּ עָלֶיהָ לָבֶטַח וּבָנוּ בָתִּים
וְנָטְעוּ כְרָמִים וְיָשְׁבוּ לָבֶטַח בַּעֲשׂוֹתִי שְׁפָטִים בְּכֹל הַשָּׁאטִים
אֹתָם מִסְּבִיבוֹתָם וְיָדְעוּ כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם׃

## כט

א בַּשָּׁנָה הָעֲשִׂרִית בָּעֲשִׂרִי בִּשְׁנֵים עָשָׂר לַחֹדֶשׁ הָיָה דְבַר־
ב יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם שִׂים פָּנֶיךָ עַל־פַּרְעֹה מֶלֶךְ
ג מִצְרָיִם וְהִנָּבֵא עָלָיו וְעַל־מִצְרַיִם כֻּלָּהּ׃ דַּבֵּר וְאָמַרְתָּ
כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי יְהוִה הִנְנִי עָלֶיךָ פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרַיִם
הַתַּנִּים הַגָּדוֹל הָרֹבֵץ בְּתוֹךְ יְאֹרָיו אֲשֶׁר אָמַר לִי יְאֹרִי
ד וַאֲנִי עֲשִׂיתִנִי׃ וְנָתַתִּי חַחִיִּים בִּלְחָיֶיךָ וְהִדְבַּקְתִּי דְגַת־
יְאֹרֶיךָ בְּקַשְׂקְשֹׂתֶיךָ וְהַעֲלִיתִיךָ מִתּוֹךְ יְאֹרֶיךָ וְאֵת כָּל־
ה דְּגַת יְאֹרֶיךָ בְּקַשְׂקְשֹׂתֶיךָ תִּדְבָּק׃ וּנְטַשְׁתִּיךָ הַמִּדְבָּרָה
אוֹתְךָ וְאֵת כָּל־דְּגַת יְאֹרֶיךָ עַל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה תִּפּוֹל לֹא
תֵאָסֵף וְלֹא תִקָּבֵץ לְחַיַּת הָאָרֶץ וּלְעוֹף הַשָּׁמַיִם נְתַתִּיךָ
ו לְאָכְלָה׃ וְיָדְעוּ כָּל־יֹשְׁבֵי מִצְרַיִם כִּי אֲנִי יְהוָה יַעַן הֱיוֹתָם
ז מִשְׁעֶנֶת קָנֶה לְבֵית יִשְׂרָאֵל׃ בְּתָפְשָׂם בְּךָ בַכַּפְּךָ תֵּרוֹץ
וּבָקַעְתָּ לָהֶם כָּל־כָּתֵף וּבְהִשָּׁעֲנָם עָלֶיךָ תִּשָּׁבֵר וְהַעֲמַדְתָּ
ח לָהֶם כָּל־מָתְנָיִם׃ לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה הִנְנִי
ט מֵבִיא עָלַיִךְ חֶרֶב וְהִכְרַתִּי מִמֵּךְ אָדָם וּבְהֵמָה׃ וְהָיְתָה
אֶרֶץ־מִצְרַיִם לִשְׁמָמָה וְחָרְבָּה וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה יַעַן
י אָמַר יְאֹר לִי וַאֲנִי עָשִׂיתִי׃ לָכֵן הִנְנִי אֵלֶיךָ וְאֶל־יְאֹרֶיךָ
וְנָתַתִּי אֶת־אֶרֶץ מִצְרַיִם לְחָרְבוֹת חֹרֶב שְׁמָמָה מִמִּגְדֹּל
יא סְוֵנֵה וְעַד־גְּבוּל כּוּשׁ׃ לֹא תַעֲבָר־בָּהּ רֶגֶל אָדָם וְרֶגֶל
יב בְּהֵמָה לֹא תַעֲבָר־בָּהּ וְלֹא תֵשֵׁב אַרְבָּעִים שָׁנָה׃ וְנָתַתִּי
אֶת־אֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁמָמָה בְּתוֹךְ ׀ אֲרָצוֹת נְשַׁמּוֹת וְעָרֶיהָ
בְּתוֹךְ עָרִים מָחֳרָבוֹת תִּהְיֶיןָ שְׁמָמָה אַרְבָּעִים שָׁנָה וַהֲפִצֹתִי

כט, ד׳ חחים קרי ז׳ בכף קרי

וועל איך געהייליקט ווערן דורך זיי
אין די אויגן פון די פעלקער;
און זיי וועלן זיצן אויף זייער ערד
וואָס איך האָב געגעבן צו מיין קנעכט, צו יעקבן.
26 און זיי וועלן זיצן אויף איר אין זיכערקייט,
און זיי וועלן בויען הייזער, און פלאַנצן וויינגערטנער;
יאָ, זיי וועלן זיצן אין זיכערקייט,
ווען איך טו אַ משפט אויף אַלע
וואָס פאַראַכטן זיי פון רונד אַרום זיי;
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה זייער גאָט.

## כט

1 אין צענטן יאָר, אין צענטן חודש, אין צוועלפטן טאָג פון חודש, איז געווען דאָס וואָרט פון גאָט צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
2 מענטשנקינד, טו דיין פנים צו פַּרעה דעם מלך פון מִצרַיִם,
און זאָג נביאות אויף אים, און אויף מִצרַיִם אין גאַנצן;
3 רעד, און זאָלסט זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
זע, איך קום אויף דיר פַּרעה,
מלך פון מִצרַיִם,
דער גרויסער קראָקאָדיל,
וואָס הויערט אין זיינע טייכן,
וואָס זאָגט: מיר געהערט מיין טייך,
און איך האָב אים מיר געמאַכט.
4 און איך וועל אַריינטאָן רינגען אין דיינע קינבאַקן,
און וועל באַהעפטן די פיש פון דיינע טייכן אָן דיינע שופּן;
און איך וועל דיך אויפברענגען פון דיינע טייכן,
מיט אַלע פיש פון דיינע טייכן
וואָס וועלן אָן דיינע שופּן באַהעפט זיין.
5 און איך וועל דיך אַוועקוואַרפן אין מדבר,
דיך מיט אַלע פיש פון דיינע טייכן;
אויפן פרייען פעלד וועסטו זיך וואַלגערן,
ניט אויפגעזאַמלט און ניט אויפגעקליבן וועסטו ווערן;
צו דער חיה פון דער ערד, און צום פויגל פון הימל,
האָב איך דיך געגעבן פאַר אַ שפּייז.
6 און אַלע באַוווינער פון מִצרַיִם וועלן וויסן
אַז איך בין יהוה;
ווייל זיי זיינען געווען אַ שטעקן פון ראָר,
פאַר דעם הויז פון ישׂראל.
7 אַז זיי האָבן דיך אָנגענומען אין האַנט,
פלעגסטו זיך צעשפּאַלטן,
און זיי דעם גאַנצן אַקסל צערייסן;
און אַז זיי האָבן זיך אָנגעלענט אויף דיר,
פלעגסטו זיך צעברעכן,
און זיי די גאַנצע לענדן ליימען.
8 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
זע, איך ברענג אויף דיר אַ שווערד,
און וועל פאַרשניידן פון דיר מענטשן און בהמות.
9 און דאָס לאַנד מִצרַיִם וועט זיין וויסט און חָרב,
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה;
ווייל ער האָט געזאָגט: דער טייך געהערט מיר,
און איך האָב אים געמאַכט.
10 דרום זע, איך קום צו דיר, און צו דיינע טייכן,
און וועל מאַכן דאָס לאַנד מִצרַיִם פאַר חורבות,
אַ חָרבע וויסטעניש, פון מִגדול ביז סוֵנֵה,
און ביז דעם געמאַרק פון כוש.
11 ניט דורכגיין וועט אַ פוס פון אַ מענטשן אין איר,
און ניט אַ פוס פון אַ בהמה וועט דורכגיין אין איר,
און זי וועט ניט זיין באַוווינט פערציק יאָר.
12 און איך וועל מאַכן דאָס לאַנד מִצרַיִם
אַ וויסטעניש צווישן פאַרוויסטע לענדער,
און אירע שטעט, צווישן חָרבע שטעט,
וועלן זיין אַ וויסטעניש פערציק יאָר;

יג אֶת־מִצְרַיִם בַּגּוֹיִם וְזֵרִיתִים בָּאֲרָצוֹת׃ כִּי כֹּה אָמַר
אֲדֹנָי יֱהֹוִה מִקֵּץ אַרְבָּעִים שָׁנָה אֲקַבֵּץ אֶת־מִצְרַיִם מִן־
יד הָעַמִּים אֲשֶׁר־נָפֹצוּ שָׁמָּה׃ וְשַׁבְתִּי אֶת־שְׁבוּת מִצְרַיִם
וַהֲשִׁבֹתִי אֹתָם אֶרֶץ פַּתְרוֹס עַל־אֶרֶץ מְכוּרָתָם וְהָיוּ שָׁם
טו מַמְלָכָה שְׁפָלָה׃ מִן־הַמַּמְלָכוֹת תִּהְיֶה שְׁפָלָה וְלֹא־
תִתְנַשֵּׂא עוֹד עַל־הַגּוֹיִם וְהִמְעַטְתִּים לְבִלְתִּי רְדוֹת בַּגּוֹיִם׃
טז וְלֹא יִהְיֶה־עוֹד לְבֵית יִשְׂרָאֵל לְמִבְטָח מַזְכִּיר עָוֺן בִּפְנוֹתָם
יז אַחֲרֵיהֶם וְיָדְעוּ כִּי אֲנִי אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ • וַיְהִי בְּעֶשְׂרִים
וָשֶׁבַע שָׁנָה בָּרִאשׁוֹן בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ הָיָה דְבַר־יְהֹוָה אֵלַי
יח לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל הֶעֱבִיד אֶת־חֵילוֹ
עֲבֹדָה גְדוֹלָה אֶל־צֹר כָּל־רֹאשׁ מֻקְרָח וְכָל־כָּתֵף מְרוּטָה
וְשָׂכָר לֹא־הָיָה לוֹ וּלְחֵילוֹ מִצֹּר עַל־הָעֲבֹדָה אֲשֶׁר־עָבַד
יט עָלֶיהָ׃ לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה הִנְנִי נֹתֵן לִנְבוּכַדְרֶאצַּר
מֶלֶךְ־בָּבֶל אֶת־אֶרֶץ מִצְרָיִם וְנָשָׂא הֲמֹנָהּ וְשָׁלַל שְׁלָלָהּ
כ וּבָזַז בִּזָּהּ וְהָיְתָה שָׂכָר לְחֵילוֹ׃ פְּעֻלָּתוֹ אֲשֶׁר־עָבַד בָּהּ נָתַתִּי
כא לוֹ אֶת־אֶרֶץ מִצְרָיִם אֲשֶׁר עָשׂוּ לִי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ בַּיּוֹם
הַהוּא אַצְמִיחַ קֶרֶן לְבֵית יִשְׂרָאֵל וּלְךָ אֶתֵּן פִּתְחוֹן־פֶּה
בְּתוֹכָם וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהֹוָה׃ •

## ל

א ב וַיְהִי דְבַר־יְהֹוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם הִנָּבֵא וְאָמַרְתָּ כֹּה
ג אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה הֵילִילוּ הָהּ לַיּוֹם׃ כִּי־קָרוֹב יוֹם וְקָרוֹב
ד יוֹם לַיהֹוָה יוֹם עָנָן עֵת גּוֹיִם יִהְיֶה׃ וּבָאָה חֶרֶב בְּמִצְרַיִם
וְהָיְתָה חַלְחָלָה בְּכוּשׁ בִּנְפֹל חָלָל בְּמִצְרָיִם וְלָקְחוּ הֲמוֹנָהּ
ה וְנֶהֶרְסוּ יְסוֹדֹתֶיהָ׃ כּוּשׁ וּפוּט וְלוּד וְכָל־הָעֶרֶב וְכוּב וּבְנֵי
ו אֶרֶץ הַבְּרִית אִתָּם בַּחֶרֶב יִפֹּלוּ׃ כֹּה אָמַר יְהֹוָה
וְנָפְלוּ סֹמְכֵי מִצְרַיִם וְיָרַד גְּאוֹן עֻזָּהּ מִמִּגְדֹּל סְוֵנֵה בַּחֶרֶב
ז יִפְּלוּ־בָהּ נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ וְנָשַׁמּוּ בְּתוֹךְ אֲרָצוֹת נְשַׁמּוֹת

כט, טז׳ דלג עד פסוק כ א׳   כא׳ עד כאן   ל, ד׳ מלוע

אוּן איך וועל צעשפּרייטן מִצרַיִם צווישן די פעלקער,
און וועל זיי צעוואַרפן אין די לענדער.

13 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
צום סָוף פון פערציק יאָר,
וועל איך אײַנזאַמלען מִצרַיִם
פון די פעלקער וואָס זיי זײַנען צעשפּרייט געוואָרן
אַהין.
14 און איך וועל אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון מִצרַיִם,
און וועל זיי צוריקקערן קיין לאַנד פַּתרוס,
אין דעם לאַנד פון זייער אָפּשטאַמונג;
און זיי וועלן דאָרטן זײַן אַ שָפּלע מלוכה.
15 די שָפּלסטע פון די מלוכות וועט זי זײַן,
און זי וועט זיך מער ניט איבערנעמען איבער די
פעלקער;
און איך וועל זיי פאַרמינערן,
ניט צו געוועלטיקן איבער די פעלקער.
16 און זיי וועלן מער ניט זײַן דעם הויז פון ישׂראל
פאַר אַ פאַרזיכערונג וואָס מאַכט דערמאָנען זינד,
ווען זיי קערן זיך נאָך זיי;
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין גאָט יהוה.

17 און עס איז געווען אין זיבן און צוואַנציקסטן יאָר,
אין ערשטן חודש, אין ערשטן טאָג פון חודש, איז געווען
דאָס וואָרט פון גאָט צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
18 מענטשנקינד, נבוּכַדרֶאצַר דער מלך פון בָבל
האָט געמאַכט זײַן חיל דינען אַ שווערן דינסט אַקעגן
צוֹר;
איטלעכער קאָפּ איז אויסגעקראָכן,
און איטלעכער אַקסל איז אָפּגעריבן;
און שׂכר האָט ער ניט געקראָגן
פאַר זיך און פאַר זײַן חיל פון צוֹר
פאַר דעם דינסט וואָס ער האָט געדינט אַקעגן איר.
19 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
זע, איך גיב נבוּכַדרֶאצַר דעם מלך פון בָבל דאָס
לאַנד מִצרַיִם,
און ער וועט אַוועקטראָגן איר שֶפע,
און רויבן איר זאַקרויב, און ראַבעווען איר רויב;
און דאָס וועט זײַן דער שׂכר פאַר זײַן חיל.
20 פאַר זײַן לוין וואָס ער האָט אום דעם געדינט,
האָב איך אים געגעבן דאָס לאַנד מִצרַיִם,
ווײַל זיי האָבן געאַרבעט פאַר מיר,
זאָגט גאָט דער האַר.

21 אין יענעם טאָג וועל איך מאַכן שפּראָצן
דעם האָרן פון דעם הויז פון ישׂראל,
און דיר וועל איך געבן אַן אָפן מויל צווישן זיי;
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה.

ל 1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי
צו זאָגן:
2 מענטשנקינד, זאָג נביאות, און זאָלסט זאָגן:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
יאָמערט: ווי איבער דעם טאָג!
3 וואָרום נאָנט איז דער טאָג,
יאָ, נאָנט איז דער טאָג פון גאָט;
אַ טאָג פון וואָלקן,
די שטראָפצײַט פון די פעלקער וועט עס זײַן.
4 און אַ שווערד וועט קומען אויף מִצרַיִם,
און אַ ציטערניש וועט זײַן אין כּוש,
ווען דערשלאָגענע פאַלן אין מִצרַיִם;
און מע וועט אַוועקנעמען איר שֶפע,
און אירע גרונטפעסטן וועלן צעשטערט ווערן.
5 כּוש, און פּוט, און לוד,
און אַלע געמישטע פעלקער, און כּוב,
און די קינדער פון דעם לאַנד פון בונד,
וועלן מיט זיי דורכן שווערד פאַלן.

6 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פאַלן וועלן אויך די אונטערלענער פון מִצרַיִם,
און נידערן וועט איר שטאָלצע מאַכט;
פון מִגדול ביז סְוֵנֵה וועלן זיי פאַלן דורכן שווערד אין איר,
זאָגט גאָט דער האַר.
7 און זיי וועלן פאַרוויסט זײַן צווישן פאַרוויסטע לענדער.

ח וְעָרָיו בְּתוֹךְ־עָרִים נַחֲרָבוֹת תִּהְיֶינָה׃ וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה
ט בְּתִתִּי־אֵשׁ בְּמִצְרַיִם וְנִשְׁבְּרוּ כָּל־עֹזְרֶיהָ׃ בַּיּוֹם הַהוּא
יֵצְאוּ מַלְאָכִים מִלְּפָנַי בַּצִּים לְהַחֲרִיד אֶת־כּוּשׁ בֶּטַח
וְהָיְתָה חַלְחָלָה בָהֶם בְּיוֹם מִצְרַיִם כִּי הִנֵּה בָּאָה׃
י כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה וְהִשְׁבַּתִּי אֶת־הֲמוֹן מִצְרַיִם בְּיַד
יא נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל׃ הוּא וְעַמּוֹ אִתּוֹ עָרִיצֵי גוֹיִם
מוּבָאִים לְשַׁחֵת הָאָרֶץ וְהֵרִיקוּ חַרְבוֹתָם עַל־מִצְרַיִם
יב וּמָלְאוּ אֶת־הָאָרֶץ חָלָל׃ וְנָתַתִּי יְאֹרִים חָרָבָה וּמָכַרְתִּי
אֶת־הָאָרֶץ בְּיַד־רָעִים וַהֲשִׁמֹּתִי אֶרֶץ וּמְלֹאָהּ בְּיַד־זָרִים
יג אֲנִי יְהוָה דִּבַּרְתִּי׃ כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה וְהַאֲבַדְתִּי
גִלּוּלִים וְהִשְׁבַּתִּי אֱלִילִים מִנֹּף וְנָשִׂיא מֵאֶרֶץ־מִצְרַיִם לֹא
יד יִהְיֶה־עוֹד וְנָתַתִּי יִרְאָה בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַהֲשִׁמֹּתִי אֶת־
טו פַּתְרוֹס וְנָתַתִּי אֵשׁ בְּצֹעַן וְעָשִׂיתִי שְׁפָטִים בְּנֹא׃ וְשָׁפַכְתִּי
טז חֲמָתִי עַל־סִין מָעוֹז מִצְרָיִם וְהִכְרַתִּי אֶת־הֲמוֹן נֹא׃ וְנָתַתִּי
אֵשׁ בְּמִצְרַיִם חוּל תָּחִיל סִין וְנֹא תִּהְיֶה לְהִבָּקֵעַ וְנֹף צָרֵי
יז יוֹמָם׃ בַּחוּרֵי אָוֶן וּפִי־בֶסֶת בַּחֶרֶב יִפֹּלוּ וְהֵנָּה בַּשְּׁבִי תֵלַכְנָה׃
יח וּבִתְחַפְנְחֵס חָשַׂךְ הַיּוֹם בְּשִׁבְרִי־שָׁם אֶת־מֹטוֹת מִצְרַיִם
וְנִשְׁבַּת־בָּהּ גְּאוֹן עֻזָּהּ הִיא עָנָן יְכַסֶּנָּה וּבְנוֹתֶיהָ בַּשְּׁבִי
יט תֵלַכְנָה׃ וְעָשִׂיתִי שְׁפָטִים בְּמִצְרָיִם וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃
כ וַיְהִי בְּאַחַת עֶשְׂרֵה שָׁנָה בָּרִאשׁוֹן בְּשִׁבְעָה לַחֹדֶשׁ הָיָה
כא דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם אֶת־זְרוֹעַ פַּרְעֹה מֶלֶךְ־
מִצְרַיִם שָׁבָרְתִּי וְהִנֵּה לֹא־חֻבְּשָׁה לָתֵת רְפֻאוֹת לָשׂוּם
כב חִתּוּל לְחָבְשָׁהּ לְחָזְקָהּ לִתְפֹּשׂ בֶּחָרֶב׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר
אֲדֹנָי יְהוִה הִנְנִי אֶל־פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרַיִם וְשָׁבַרְתִּי אֶת־
זְרֹעֹתָיו אֶת־הַחֲזָקָה וְאֶת־הַנִּשְׁבָּרֶת וְהִפַּלְתִּי אֶת־הַחֶרֶב
כג מִיָּדוֹ׃ וַהֲפִצוֹתִי אֶת־מִצְרַיִם בַּגּוֹיִם וְזֵרִיתִם בָּאֲרָצוֹת׃
כד וְחִזַּקְתִּי אֶת־זְרֹעוֹת מֶלֶךְ בָּבֶל וְנָתַתִּי אֶת־חַרְבִּי בְּיָדוֹ

ט׳ ס״א כיום   טז׳ תחיל ק׳   יח׳ כ״א חשך

און זיינע שטעט וועלן זיין צווישן חָרבע שטעט.
8 און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה,
ווען איך מאַך אַ פייער אין מִצרַיִם,
און אַלע אירע העלפער וועלן צעבראָכן ווערן.
9 אין יענעם טאָג וועלן שלוחים אַרויסגיין פון מיר אין שיפן,
אויפצושרעקן כּוש די זיכערע;
און אַ ציטערניש וועט זיין ביי זיי ווי אין טאָג פון מִצרַיִם;
וואָרום זע, עס קומט!

10 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
איך וועל אויך פאַרטיליקן דעם המון פון מִצרַיִם,
דורך דער האַנט פון נבוכדרֶאצַר דעם מלך פון בָּבל.
11 ער און זיין פאָלק מיט אים,
די פאַרצטיקסטע פון די פעלקער,
ווערן געבראַכט אומצוברענגען דאָס לאַנד;
און זיי וועלן אַרויסציִען זייערע שווערדן אויף מִצרַיִם,
און וועלן אָנפילן דאָס לאַנד מיט דערשלאָגענע.
12 און איך וועל מאַכן די טייכן אַ טריקעניש,
און וועל איבערענטפערן דאָס לאַנד
אין דער האַנט פון שלעכטע;
און איך וועל פאַרוויסטן דאָס לאַנד מיט איר פולקייט,
דורך דער האַנט פון פרעמדע;
איך יהוה האָב גערעדט.

13 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
איך וועל אויך אונטערברענגען די אָפּגעטער,
און וועל פאַרשטערן די געצן פון נוֹף;
און קיין פירשט וועט מער ניט זיין פון לאַנד מִצרַיִם;
און איך וועל מאַכן אַ מורא אין לאַנד מִצרַיִם.
14 און איך וועל פאַרוויסטן פַּתרוס,
און וועל מאַכן אַ פייער אין צוֹעַן,
און טאָן אַ משפט אין נוֹא.
15 און איך וועל אויסגיסן מיין גרימצאָרן אויף סִין,
דער פעסטונג פון מִצרַיִם;
און איך וועל פאַרשניידן דעם המון פון נוֹא.
16 און איך וועל מאַכן אַ פייער אין מִצרַיִם;
דרייען אין ווייטאָק וועט זיך דרייען סִין,
און נוֹא וועט איינגעבראָכן ווערן,
און אויף נוֹף וועלן קומען פיינט ביי טאָג.
17 די יונגעלייט פון אָון און פּי־בֶסֶת וועלן דורכן שווערד פאַלן,
און זיי וועלן אין געפאַנגענשאַפט גיין.
18 און אין תַּחפַּנחֵס וועט אויפהערן דער טאָג,
ווען איך צעברעך דאָרטן די יאָכשטאַנגען פון מִצרַיִם;
און איר שטאָלצע מאַכט וועט פאַרשטערט ווערן אין איר;
זי אַליין וועט אַ וואָלקן באַדעקן,
און אירע טעכטערשטעט וועלן אין געפאַנגענשאַפט גיין.
19 און איך וועל טאָן אַ משפט אין מִצרַיִם;
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה.

20 און עס איז געווען אין עלפטן יאָר, אין ערשטן חודש, אין זיבעטן טאָג פון חודש, איז געווען דאָס וואָרט פון גאָט צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
21 מענטשנקינד, איך האָב צעבראָכן דעם אָרעם
פון פַּרעה דעם מלך פון מִצרַיִם,
און זע, ער איז ניט פאַרבונדן געוואָרן
צו ברענגען אַ רפואה דורך אַרויפטאָן אַ וויקלבאַנד,
אים צו פאַרבינדן, ער זאָל ווערן שטאַרק
צו האַלטן אַ שווערד.
22 פאַרוואָר, אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
זע, איך קום צו פַּרעה דעם מלך פון מִצרַיִם,
און וועל צעברעכן זיינע אָרעמס,
דעם געזונטן, און דעם צעבראָכענעם;
און איך וועל מאַכן אַרויספאַלן די שווערד פון זיין האַנט.
23 און איך וועל צעשפּרייטן מִצרַיִם צווישן די פעלקער,
און וועל זיי צעוואַרפן אין די לענדער.
24 און איך וועל שטאַרקן די אָרעמס פון דעם מלך פון בָּבל.
און וועל געבן מיין שווערד אין זיין האַנט;

און איך וועל צעברעכן די אָרעמס פון פּרעהן,
און ער וועט קרעכצן פאַר אים
קרעכצן פון אַ דערשטאָכענעם.
[25] און איך וועל שטאַרקן די אָרעמס פון דעם מלך פון
בָבֶל,
און די אָרעמס פון פּרעהן וועלן אַראָפּפאַלן;
און זיי וועלן ויסן אַז איך בין יהוה,
ווען איך גיב מיין שווערד אין דער האַנט פון דעם מלך
פון בָבֶל,
און ער וועט זי אויסשטרעקן קעגן לאַנד מִצרַיִם.
[26] און איך וועל צעשפּרייטן מִצרַיִם צווישן די פעלקער,
און וועל זיי צעוואַרפן אין די לענדער;
און זיי וועלן ויסן אַז איך בין יהוה.

לא [1] און עס איז געווען אין עלפטן יאָר, אין דריטן
חודש, אין ערשטן טאָג פון חודש, איז געווען דאָס
וואָרט פון גאָט צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
[2] מענטשנקינד, זאָג צו פּרעה דעם מלך פון מִצרַיִם,
און צו זיין הַמוֹן:
צו וועמען גליכסטו זיך אין דיין גרויסקייט?
[3] זע, אַשור איז געווען אַ צעדער אין לְבָנוֹן,
מיט שיינע צווייגן, און שאָטנדיקן געוועלד,
און הויך אין וווּקס;
און צווישן געדיכטענישן איז געווען זיין שפּיץ.
[4] וואַסער האָט אים אויפגעצויגן,
דער תְּהוֹם האָט אים אויפגעבראַכט;
זיינע שטראָמען, זיי פלעגן גיין
רונד אַרום זיין פלאַנצונג,
און זיינע גראָבנס האָט ער צעשיקט
צו אַלע ביימער פון פעלד.
[5] דרום איז זיין וווּקס געווען העכער
פון אַלע ביימער פון פעלד,
און זיינע צווייגן האָבן זיך געמערט,
און זיינע ריטער זיינען לאַנג געוואָרן,
פון פיל וואַסער ביי זיין אויסוואַקסן.
[6] אין זיינע צווייגן האָבן גענעסט
אַלע פויגלען פון הימל,
און אונטער זיינע ריטער האָבן געבאָרן
אַלע חיות פון פעלד;
און אין זיין שאָטן פלעגן זיצן
אַלע גרויסע פעלקער.
[7] און ער איז שיין געווען אין זיין גרויסקייט,
אין דער לענג פון זיינע צווייגן;
וואָרום זיין וואָרצל איז געווען
ביי וואַסער אַ סך.
[8] די צעדערן אין גאָרטן פון גאָט
האָבן אים ניט פאַרטונקלט;
ציפּרעסן זיינען ניט גליך געווען
צו די צווייגן זיינע;
און פּלאַטאַנעבּיימער זיינען ניט געווען
אַזוי ווי די ריטער זיינע;
קיין בוים אין גאָרטן פון גאָט
איז ניט גליך געווען צו אים אין זיין שיינקייט.
[9] שיין האָב איך אים געמאַכט
מיט זיינע פיל צווייגן,
און אים האָבן מקנא געווען

וְשָׁבַרְתִּי אֶת־זְרֹעוֹת פַּרְעֹה וְנָאַק נַאֲקוֹת חָלָל לְפָנָיו׃
כה וְהַחֲזַקְתִּי אֶת־זְרֹעוֹת מֶלֶךְ בָּבֶל וּזְרֹעוֹת פַּרְעֹה תִּפֹּלְנָה
וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה בְּתִתִּי חַרְבִּי בְּיַד מֶלֶךְ־בָּבֶל וְנָטָה
כו אוֹתָהּ אֶל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַהֲפִצוֹתִי אֶת־מִצְרַיִם בַּגּוֹיִם
וְזֵרִיתִי אוֹתָם בָּאֲרָצוֹת וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃

לא

א וַיְהִי בְּאַחַת עֶשְׂרֵה שָׁנָה בַּשְּׁלִישִׁי בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ הָיָה
ב דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם אֱמֹר אֶל־פַּרְעֹה מֶלֶךְ־
ג מִצְרַיִם וְאֶל־הֲמוֹנוֹ אֶל־מִי דָּמִיתָ בְגָדְלֶךָ׃ הִנֵּה אַשּׁוּר
אֶרֶז בַּלְּבָנוֹן יְפֵה עָנָף וְחֹרֶשׁ מֵצַל וּגְבַהּ קוֹמָה וּבֵין עֲבֹתִים
ד הָיְתָה צַמַּרְתּוֹ׃ מַיִם גִּדְּלוּהוּ תְּהוֹם רֹמְמָתְהוּ אֶת־
נַהֲרֹתֶיהָ הֹלֵךְ סְבִיבוֹת מַטָּעָהּ וְאֶת־תְּעָלֹתֶיהָ שִׁלְחָה אֶל
ה כָּל־עֲצֵי הַשָּׂדֶה׃ עַל־כֵּן גָּבְהָא קֹמָתוֹ מִכֹּל עֲצֵי הַשָּׂדֶה
וַתִּרְבֶּינָה סַרְעַפֹּתָיו וַתֶּאֱרַכְנָה פֹארֹתָו מִמַּיִם רַבִּים
ו בְּשַׁלְּחוֹ׃ בִּסְעַפֹּתָיו קָנְנוּ כָּל־עוֹף הַשָּׁמַיִם וְתַחַת פֹּארֹתָיו
ז יָלְדוּ כֹּל חַיַּת הַשָּׂדֶה וּבְצִלּוֹ יֵשְׁבוּ כֹּל גּוֹיִם רַבִּים׃ וַיְּיִף
בְּגָדְלוֹ בְּאֹרֶךְ דָּלִיּוֹתָיו כִּי־הָיָה שָׁרְשׁוֹ אֶל־מַיִם רַבִּים׃
ח אֲרָזִים לֹא־עֲמָמֻהוּ בְּגַן־אֱלֹהִים בְּרוֹשִׁים לֹא דָמוּ אֶל־
סְעַפֹּתָיו וְעַרְמֹנִים לֹא־הָיוּ כְּפֹארֹתָיו כָּל־עֵץ בְּגַן־אֱלֹהִים
ט לֹא־דָמָה אֵלָיו בְּיָפְיוֹ׃ יָפֶה עֲשִׂיתִיו בְּרֹב דָּלִיּוֹתָיו וַיְקַנְאֻהוּ
י כָּל־עֲצֵי־עֵדֶן אֲשֶׁר בְּגַן הָאֱלֹהִים׃ לָכֵן כֹּה אָמַר
אֲדֹנָי יְהוִה יַעַן אֲשֶׁר גָּבַהְתָּ בְּקוֹמָה וַיִּתֵּן צַמַּרְתּוֹ אֶל־
יא בֵּין עֲבוֹתִים וְרָם לְבָבוֹ בְּגָבְהוֹ׃ וְאֶתְּנֵהוּ בְּיַד אֵיל גּוֹיִם
יב עָשׂוֹ יַעֲשֶׂה לוֹ כְּרִשְׁעוֹ גֵּרַשְׁתִּהוּ׃ וַיִּכְרְתֻהוּ זָרִים עָרִיצֵי
גוֹיִם וַיִּטְּשֻׁהוּ אֶל־הֶהָרִים וּבְכָל־גֵּאָיוֹת נָפְלוּ דָלִיּוֹתָיו
וַתִּשָּׁבַרְנָה פֹרֹאתָיו בְּכָל־אֲפִיקֵי הָאָרֶץ וַיֵּרְדוּ מִצִּלּוֹ כָּל־
יג עַמֵּי הָאָרֶץ וַיִּטְּשֻׁהוּ׃ עַל־מַפַּלְתּוֹ יִשְׁכְּנוּ כָּל־עוֹף הַשָּׁמַיִם

לא, ד׳ הל׳ רפה   ה׳ א׳ במקום ה׳   פארתו ק׳   יא׳ למדחא אל
ו׳ במקום ה׳   נ״א כרשעו

אַלע ביימער פון עֵדֶן וואָס אין גאָרטן פון גאָט.
[10] דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
ווייל דו ביסט געווען הויך אין וווּקס;
און ער האָט אויסגעשטרעקט זיין שפּיץ פון צווישן
געדיכטענישן,
און זיין האַרץ האָט זיך דערהויבן פון ווענן זיין הייך,
[11] דרום וועל איך אים געבן אין דער האַנט
פון דעם מאַכטיקסטן פון די פעלקער;
רעכענען וועט ער זיך רעכענען מיט אים;
פאַר זיין שלעכטיקייט טו איך אים פאַרטרייבן.
[12] און אים שניידן אָפּ פרעמדע,
די פאַרכטיקסטע פון די פעלקער,
און זיי וואַרפן אים אַוועק;
אויף אַלע בערג און אין אַלע טאָלן
פאַלן זיינע צווייגן,
און זיינע ריטער ליגן צעבראָכן
אין אַלע גראָבנס פון דער ערד;
און אַלע פעלקער פון דער ערד
נידערן פון זיין שאָטן, און פאַרלאָזן אים.
[13] אויף זיין געפאַלענעם שטאַם רוען אַלע פויגלען פון הימל,

וְאֶל־פֹּארֹתָיו הָיוּ כָּל־חַיַּת הַשָּׂדֶה׃ לְמַעַן אֲשֶׁר לֹא־יִגְבְּהוּ יד
בְקוֹמָתָם כָּל־עֲצֵי־מַיִם וְלֹא־יִתְּנוּ אֶת־צַמַּרְתָּם אֶל־בֵּין
עֲבֹתִים וְלֹא־יַעַמְדוּ אֲלֵיהֶם בְּגָבְהָם כָּל־שֹׁתֵי מָיִם כִּי כֻלָּם
נִתְּנוּ לַמָּוֶת אֶל־אֶרֶץ תַּחְתִּית בְּתוֹךְ בְּנֵי אָדָם אֶל־יוֹרְדֵי
בוֹר׃ כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה בְּיוֹם רִדְתּוֹ שְׁאוֹלָה הֶאֱבַלְתִּי טו
כִּסֵּתִי עָלָיו אֶת־תְּהוֹם וָאֶמְנַע נַהֲרוֹתֶיהָ וַיִּכָּלְאוּ מַיִם רַבִּים
וָאַקְדִּר עָלָיו לְבָנוֹן וְכָל־עֲצֵי הַשָּׂדֶה עָלָיו עֻלְפֶּה׃ מִקּוֹל טז
מַפַּלְתּוֹ הִרְעַשְׁתִּי גוֹיִם בְּהוֹרִדִי אֹתוֹ שְׁאוֹלָה אֶת־יוֹרְדֵי בוֹר
וַיִּנָּחֲמוּ בְּאֶרֶץ תַּחְתִּית כָּל־עֲצֵי־עֵדֶן מִבְחַר וְטוֹב־לְבָנוֹן
כָּל־שֹׁתֵי מָיִם׃ גַּם־הֵם אִתּוֹ יָרְדוּ שְׁאוֹלָה אֶל־חַלְלֵי־חָרֶב יז
וּזְרֹעוֹ יָשְׁבוּ בְצִלּוֹ בְּתוֹךְ גּוֹיִם׃ אֶל־מִי דָמִיתָ כָּכָה בְּכָבוֹד יח
וּבְגֹדֶל בַּעֲצֵי־עֵדֶן וְהוּרַדְתָּ אֶת־עֲצֵי־עֵדֶן אֶל־אֶרֶץ תַּחְתִּית
בְּתוֹךְ עֲרֵלִים תִּשְׁכַּב אֶת־חַלְלֵי־חֶרֶב הוּא פַרְעֹה וְכָל־
הֲמוֹנֹה נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃

## לב

וַיְהִי בִּשְׁתֵּי עֶשְׂרֵה שָׁנָה בִּשְׁנֵי־עָשָׂר חֹדֶשׁ בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ א
הָיָה דְבַר־יְהֹוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם שָׂא קִינָה עַל־ ב
פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרַיִם וְאָמַרְתָּ אֵלָיו כְּפִיר גּוֹיִם נִדְמֵיתָ
וְאַתָּה כַּתַּנִּים בַּיַּמִּים וַתָּגַח בְּנַהֲרוֹתֶיךָ וַתִּדְלַח־מַיִם
בְּרַגְלֶיךָ וַתִּרְפֹּס נַהֲרוֹתָם׃ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה ג
וּפָרַשְׂתִּי עָלֶיךָ אֶת־רִשְׁתִּי בִּקְהַל עַמִּים רַבִּים וְהֶעֱלוּךָ
בְּחֶרְמִי׃ וּנְטַשְׁתִּיךָ בָאָרֶץ עַל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה אֲטִילֶךָ וְהִשְׁכַּנְתִּי ד
עָלֶיךָ כָּל־עוֹף הַשָּׁמַיִם וְהִשְׂבַּעְתִּי מִמְּךָ חַיַּת כָּל־הָאָרֶץ׃
וְנָתַתִּי אֶת־בְּשָׂרְךָ עַל־הֶהָרִים וּמִלֵּאתִי הַגֵּאָיוֹת רָמוּתֶךָ׃ ה
וְהִשְׁקֵיתִי אֶרֶץ צָפָתְךָ מִדָּמְךָ אֶל־הֶהָרִים וַאֲפִקִים יִמָּלְאוּן ו
מִמֶּךָּ׃ וְכִסֵּיתִי בְכַבּוֹתְךָ שָׁמַיִם וְהִקְדַּרְתִּי אֶת־כֹּכְבֵיהֶם ז
שֶׁמֶשׁ בֶּעָנָן אֲכַסֶּנּוּ וְיָרֵחַ לֹא־יָאִיר אוֹרוֹ׃ כָּל־מְאוֹרֵי אוֹר ח

לא, יד׳ רא׳ כצרי

און אויף זיינע ריטער זיינען אַלע חיות פון פעלד;
14 כּדי קיין ביימער ביים וואַסער
זאָלן זיך ניט גריסן מיט זייער וווּקס,
און ניט אויסשטרעקן זייער שפּיץ פון צווישן געדיכטענישן;
און עס זאָלן ניט שטיין אין זייער הייך זייערע מאַכטיקע,
אַלע אָנגעטרונקענע מיט וואַסער;
וואָרום זיי אַלע זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צום טויט,
צו דער אונטערשטער ערד, צווישן די קינדער פון מענטשן,
צו די געניִדערטע אין גרוב.
15 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
אין דעם טאָג וואָס ער האָט געניִדערט אין אונטערערד,
האָב איך געמאַכט טרויערן, האָב איך צוגעדעקט דעם תּהום וועגן אים,
און איך האָב פאַרמיטן זיינע טייכן,
און פאַרהאַלטן געוואָרן זיינען די גרויסע וואַסערן;
און איך האָב געמאַכט פינצטער וועגן אים דעם לבנון,
און אַלע ביימער פון פעלד האָבן געחלשט וועגן אים.
16 מיט דעם הילך פון זיין פאַלן
האָב איך אויפגעשטורעמט די פעלקער,
ווען איך האָב אים געמאַכט נידערן אין אונטערערד
מיט די געניִדערטע אין גרוב.
און זיך געטרייסט אין דער אונטערשטער ערד
האָבן אַלע ביימער פון עֵדֶן,
די געקליבנסטע און בעסטע פון לבנון,
אַלע אָנגעטרונקענע מיט וואַסער.
17 זיי אויך האָבן מיט אים געניִדערט אין אונטערערד,
צו די דערשלאָגענע פון שווערד—
די וואָס זיינען זיין אָרעם געווען,
וואָס זיינען געזעסן אין זיין שאָטן צווישן די פעלקער.
18 צו וועמען אַזוינס גלייכסטו זיך אין כּבוד און אין גרויסקייט
צווישן די ביימער פון עֵדֶן?

אָבער וועסט געניִדערט ווערן מיט די ביימער פון עֵדֶן
אין דער אונטערשטער ערד;
צווישן אומבאַשניטענע וועסטו ליגן,
מיט דערשלאָגענע פון שווערד;
ער, פּרעה, און זיין גאַנצער המון,
זאָגט גאָט דער האַר.

**לב** 1 און עס איז געווען אין צוועלפטן יאָר, אין צוועלפטן חודש, אין ערשטן טאָג פון חודש, איז געווען דאָס וואָרט פון גאָט צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
2 מענטשנקינד, הייב אויף אַ קלאָג אויף פּרעה
דעם מלך פון מִצרַיִם,
און זאָלסט זאָגן צו אים:
צו אַ יונגלייב פון די פעלקער האָסטו זיך געגליכן;
און ביסט געווען ווי אַ קראָקאָדיל אין די ימען,
און האָסט זיך געפּליושקעט אין דיינע טייכן,
און מיט דיינע פיס האָסטו די וואַסערן צעמישט,
און צעקויטיקט זייערע טייכן.

3 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
דרום וועל איך אויסשפּרייטן אויף דיר מיין נעץ,
מיט אַן אַיינזאַמלונג פון פיל פעלקער,
און זיי וועלן דיך אויפברענגען אין מיין פאַנגנעץ.
4 און איך וועל דיך אַוועקוואַרפן אויף דער ערד,
אויפן פרייען פעלד וועל איך דיך אַוועקשליידערן;
און איך וועל מאַכן רוען אויף דיר אַלע פויגלען פון הימל,
און וועל אָנזעטן מיט דיר אַלע חיות פון דער ערד.
5 און איך וועל אַהינטאָן דיין פלייש אויף די בערג,
און וועל אָנפילן די טאָלן מיט דיין ווערעמדיקייט.
6 און איך וועל אָנטרינקען דאָס לאַנד מיט דיין אײַטער,
מיט דיין בלוט ביז די בערג;
און די גראָבנס וועלן אָנגעפילט ווערן מיט דיר.
7 און ווען איך לעש דיך אויס, וועל איך צודעקן די הימלען,
און וועל פינצטער מאַכן זייערע שטערן;
די זון, זי וועל איך מיט אַ וואָלקן פאַרדעקן,
און די לבנה וועט ניט לייכטן איר ליכט.
8 אַלע ליכטיקע ליכטער אין הימל,

בַּשָּׁמַיִם אַקְדִּירֵם עָלֶיךָ וְנָתַתִּי חֹשֶׁךְ עַל־אַרְצְךָ נְאֻם אֲדֹנָי
ט יֱהוִֹה׃ וְהִכְעַסְתִּי לֵב עַמִּים רַבִּים בַּהֲבִיאִי שִׁבְרְךָ בַּגּוֹיִם
י עַל־אֲרָצוֹת אֲשֶׁר לֹא־יְדַעְתָּם׃ וַהֲשִׁמּוֹתִי עָלֶיךָ עַמִּים
רַבִּים וּמַלְכֵיהֶם יִשְׂעֲרוּ עָלֶיךָ שַׂעַר בְּעוֹפְפִי חַרְבִּי עַל־
פְּנֵיהֶם וְחָרְדוּ לִרְגָעִים אִישׁ לְנַפְשׁוֹ בְּיוֹם מַפַּלְתֶּךָ׃
יא יב כִּי כֹה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִֹה חֶרֶב מֶלֶךְ־בָּבֶל תְּבוֹאֶךָ׃ בְּחַרְבוֹת
גִּבּוֹרִים אַפִּיל הֲמוֹנֶךָ עָרִיצֵי גוֹיִם כֻּלָּם וְשָׁדְדוּ אֶת־גְּאוֹן
יג מִצְרַיִם וְנִשְׁמַד כָּל־הֲמוֹנָהּ׃ וְהַאֲבַדְתִּי אֶת־כָּל־בְּהֶמְתָּהּ
מֵעַל מַיִם רַבִּים וְלֹא תִדְלָחֵם רֶגֶל־אָדָם עוֹד וּפַרְסוֹת
יד בְּהֵמָה לֹא תִדְלָחֵם׃ אָז אַשְׁקִיעַ מֵימֵיהֶם וְנַהֲרוֹתָם כַּשֶּׁמֶן
טו אוֹלִיךְ נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִֹה׃ בְּתִתִּי אֶת־אֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁמָמָה
וּנְשַׁמָּה אֶרֶץ מִמְּלֹאָהּ בְּהַכּוֹתִי אֶת־כָּל־יוֹשְׁבֵי בָהּ וְיָדְעוּ
טז כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ קִינָה הִיא וְקוֹנְנוּהָ בְּנוֹת הַגּוֹיִם תְּקוֹנֵנָּה
אוֹתָהּ עַל־מִצְרַיִם וְעַל־כָּל־הֲמוֹנָהּ תְּקוֹנֵנָּה אוֹתָהּ נְאֻם
יז אֲדֹנָי יֱהוִֹה׃ וַיְהִי בִּשְׁתֵּי עֶשְׂרֵה שָׁנָה בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר
יח לַחֹדֶשׁ הָיָה דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם נְהֵה עַל־
הֲמוֹן מִצְרַיִם וְהוֹרִדֵהוּ אוֹתָהּ וּבְנוֹת גּוֹיִם אַדִּרִם אֶל־אֶרֶץ
יט תַּחְתִּיּוֹת אֶת־יוֹרְדֵי בוֹר׃ מִמִּי נָעָמְתָּ רְדָה וְהָשְׁכְּבָה
כ אֶת־עֲרֵלִים׃ בְּתוֹךְ חַלְלֵי־חֶרֶב יִפֹּלוּ חֶרֶב נִתָּנָה מָשְׁכוּ
כא אוֹתָהּ וְכָל־הֲמוֹנֶיהָ׃ יְדַבְּרוּ־לוֹ אֵלֵי גִבּוֹרִים מִתּוֹךְ שְׁאוֹל
כב אֶת־עֹזְרָיו יָרְדוּ שָׁכְבוּ הָעֲרֵלִים חַלְלֵי־חָרֶב׃ שָׁם אַשּׁוּר
וְכָל־קְהָלָהּ סְבִיבוֹתָיו קִבְרֹתָיו כֻּלָּם חֲלָלִים הַנֹּפְלִים
כג בֶּחָרֶב׃ אֲשֶׁר נִתְּנוּ קִבְרֹתֶיהָ בְּיַרְכְּתֵי־בוֹר וַיְהִי קְהָלָהּ
סְבִיבוֹת קְבֻרָתָהּ כֻּלָּם חֲלָלִים נֹפְלִים בַּחֶרֶב אֲשֶׁר־נָתְנוּ
כד חִתִּית בְּאֶרֶץ חַיִּים׃ שָׁם עֵילָם וְכָל־הֲמוֹנָהּ סְבִיבוֹת קְבֻרָתָהּ
כֻּלָּם חֲלָלִים הַנֹּפְלִים בַּחֶרֶב אֲשֶׁר־יָרְדוּ עֲרֵלִים׀ אֶל־אֶרֶץ
תַּחְתִּיּוֹת אֲשֶׁר נָתְנוּ חִתִּיתָם בְּאֶרֶץ חַיִּים וַיִּשְׂאוּ כְלִמָּתָם

כ׳ קמץ בז״ק

---

זיי װעל איך מאַכן פינצטער איבער דיר,
און איך װעל געבן אַ חושך אויף דײַן לאַנד,
זאָגט גאָט דער האַר.
9 און איך װעל פאַראומערן דאָס האַרץ פון פיל פעלקער,
װען איך בריינג דײַן בראָך צװישן די פעלקער,
אין לענדער װאָס דו קענסט זיי ניט.
10 און איך װעל מאַכן באַנומען װערן װעגן דיר פיל פעלקער,
און זייערע מלכים װעלן שוידערן אַ שוידער װעגן דיר,
װען איך פאָך מײַן שװערד פאַר זייער פּנים;
און זיי װעלן ציטערן אַלע רגע,
איטלעכער פאַר זײַן לעבן,
אין טאָג פון דײַן פאַלן.
11 װאָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
די שװערד פון דעם מלך פון בּבֿל װעט קומען אויף דיר.
12 דורך די שװערדן פון גיבורים װעל איך מאַכן פאַלן דײַן המון;
די פאַרכטיקסטע פון די פעלקער זיינען זיי אַלע;
און זיי װעלן פאַרװיסטן דעם שטאָלץ פון מִצרַיִם,
און פאַרטיליקט װערן װעט איר גאַנצער המון.
13 און איך װעל אונטערברענגען אַלע אירע בהמות
פון לעבן די פיל װאַסערן;
און זיי װעט מער ניט צעמישן אַ פוס פון אַ מענטשן,
און קלויען פון אַ בהמה װעלן זיי ניט צעמישן.
14 דענסמאָל װעל איך מאַכן אָפּשטיין זייערע װאַסערן,
און זייערע טייכן װעל איך װי בוימל מאַכן גיין,
זאָגט גאָט דער האַר,
15 װען איך מאַך דאָס לאַנד מִצרַיִם אַ װיסט און װיסטעניש,
אַ לאַנד אָן איר פולקייט,
װען איך שלאָג אַלע װוינער אין איר;
און זיי װעלן װיסן אַז איך בין יהוה.

16 אַ קלאָגליד איז דאָס, און קלאָגן װעט מען עס;
די טעכטער פון די פעלקער װעלן עס קלאָגן;
אויף מִצרַיִם און אויף איר גאַנצן המון װעלן זיי עס קלאָגן,
זאָגט גאָט דער האַר.

17 און עס איז געװען אין צװעלפטן יאָר, אין פופצנטן טאָג פון חודש, איז געװען דאָס װאָרט פון גאָט צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
18 מענטשנקינד, יאָמער אויף דעם המון פון מִצרַיִם,
און מאַך זיי נידערן–
זי מיט די טעכטער פון מאַכטיקע פעלקער,
אין דער אונטערשטער ערד, מיט די געגנידערטע אין גרוב.
19 פון װעמען ביסטו בעסער?
נידער אַראָפּ, און װער געלייגט מיט די אומבאַשניטענע.
20 צװישן דערשלאָגענע פון שװערד זאָלן זיי פאַלן;
צו דער שװערד איז זי איבערגעגעבן געװאָרן;
שלעפּט זי אַראָפּ מיט איר גאַנצן המון.
21 די שטאַרקסטע גיבורים װעלן רעדן
פון אים מיט זײַנע העלפער פון מיטן דער אונטערערד;
זיי האָבן גענידערט, זיך געלייגט, די אומבאַשניטענע,
דערשלאָגענע פון שװערד.
22 דאָרטן איז אַשור מיט איר גאַנצן געזעמל–
רונד אַרום איר אירע קברים;
אַלע דערשלאָגענע, געפאַלן פון שװערד–
23 װאָס אירע קברים זיינען פאַרלייגט אין די עקן פון גרוב,
און איר געזעמל איז רונד אַרום איר קבר;
אַלע דערשלאָגענע, געפאַלן פון שװערד,
װאָס האָבן אָנגעװאָרפן אַ שרעק
אין לאַנד פון די לעבעדיקע.
24 דאָרטן איז עֵילָם מיט איר גאַנצן המון
רונד אַרום איר קבר;
אַלע דערשלאָגענע, געפאַלן פון שװערד,
װאָס האָבן גענידערט אומבאַשניטענע
אין דער אונטערשטער ערד,
װאָס האָבן אָנגעװאָרפן זייער שרעק
אין לאַנד פון די לעבעדיקע,
און זיי טראָגן זייער שאַנד

אֶת־יוֹרְדֵי בוֹר: בְּתוֹךְ חֲלָלִים נָתְנוּ מִשְׁכָּב לָהּ בְּכָל־הֲמוֹנָהּ כה
סְבִיבוֹתָיו קִבְרֹתֶהָ כֻּלָּם עֲרֵלִים חַלְלֵי־חֶרֶב כִּי נִתַּן חִתִּיתָם
בְּאֶרֶץ חַיִּים וַיִּשְׂאוּ כְלִמָּתָם אֶת־יוֹרְדֵי בוֹר בְּתוֹךְ חֲלָלִים
נִתָּן: שָׁם מֶשֶׁךְ תֻּבַל וְכָל־הֲמוֹנָהּ סְבִיבוֹתָיו קִבְרוֹתֶיהָ כו
כֻּלָּם עֲרֵלִים מְחֻלְלֵי חֶרֶב כִּי־נָתְנוּ חִתִּיתָם בְּאֶרֶץ חַיִּים:
וְלֹא יִשְׁכְּבוּ אֶת־גִּבּוֹרִים נֹפְלִים מֵעֲרֵלִים אֲשֶׁר יָרְדוּ־שְׁאוֹל כז
בִּכְלֵי־מִלְחַמְתָּם וַיִּתְּנוּ אֶת־חַרְבוֹתָם תַּחַת רָאשֵׁיהֶם וַתְּהִי
עֲוֺנֹתָם עַל־עַצְמוֹתָם כִּי־חִתִּית גִּבּוֹרִים בְּאֶרֶץ חַיִּים: וְאַתָּה כח
בְּתוֹךְ עֲרֵלִים תִּשָּׁבַר וְתִשְׁכַּב אֶת־חַלְלֵי־חָרֶב: שָׁמָּה אֱדוֹם כט
מְלָכֶיהָ וְכָל־נְשִׂיאֶיהָ אֲשֶׁר־נִתְּנוּ בִגְבוּרָתָם אֶת־חַלְלֵי־חָרֶב
הֵמָּה אֶת־עֲרֵלִים יִשְׁכָּבוּ וְאֶת־יֹרְדֵי בוֹר: שָׁמָּה נְסִיכֵי צָפוֹן ל
כֻּלָּם וְכָל־צִדֹנִי אֲשֶׁר־יָרְדוּ אֶת־חֲלָלִים בְּחִתִּיתָם מִגְּבוּרָתָם
בּוֹשִׁים וַיִּשְׁכְּבוּ עֲרֵלִים אֶת־חַלְלֵי־חֶרֶב וַיִּשְׂאוּ כְלִמָּתָם
אֶת־יוֹרְדֵי בוֹר: אוֹתָם יִרְאֶה פַרְעֹה וְנִחַם עַל־כָּל־הֲמוֹנֹה לא
חַלְלֵי־חֶרֶב פַּרְעֹה וְכָל־חֵילוֹ נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה: כִּי־נָתַתִּי לב
אֶת־חִתִּיתוֹ בְּאֶרֶץ חַיִּים וְהֻשְׁכַּב בְּתוֹךְ עֲרֵלִים אֶת־חַלְלֵי־
חֶרֶב פַּרְעֹה וְכָל־הֲמוֹנֹה נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה:

## לג

וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר: בֶּן־אָדָם דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי־עַמְּךָ א ב
וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם אֶרֶץ כִּי־אָבִיא עָלֶיהָ חָרֶב וְלָקְחוּ עַם־
הָאָרֶץ אִישׁ אֶחָד מִקְצֵיהֶם וְנָתְנוּ אֹתוֹ לָהֶם לְצֹפֶה:
וְרָאָה אֶת־הַחֶרֶב בָּאָה עַל־הָאָרֶץ וְתָקַע בַּשּׁוֹפָר וְהִזְהִיר ג
אֶת־הָעָם: וְשָׁמַע הַשֹּׁמֵעַ אֶת־קוֹל הַשּׁוֹפָר וְלֹא נִזְהָר ד
וַתָּבוֹא חֶרֶב וַתִּקָּחֵהוּ דָּמוֹ בְרֹאשׁוֹ יִהְיֶה: אֵת קוֹל ה
הַשּׁוֹפָר שָׁמַע וְלֹא נִזְהָר דָּמוֹ בּוֹ יִהְיֶה וְהוּא נִזְהָר נַפְשׁוֹ
מִלֵּט: וְהַצֹּפֶה כִּי־יִרְאֶה אֶת־הַחֶרֶב בָּאָה וְלֹא־תָקַע ו
בַּשּׁוֹפָר וְהָעָם לֹא־נִזְהָר וַתָּבוֹא חֶרֶב וַתִּקַּח מֵהֶם נָפֶשׁ

לב, כח׳ הכ׳ בפתח ל׳ הנ׳ רפה לב׳ חתיתי ק

מיט די גענידערטע אין גרוב.
25 צווישן דערשלאָגענע האָט מען איר אַ געלעגער געגעבן
מיט איר גאַנצן המון;
רונד אַרום איר אירע קברים;
אַלע אומבאַשניטענע, דערשלאָגן פון שווערד;
ווייל זייער שרעק איז געווען אָנגעוואָרפן
אין לאַנד פון די לעבעדיקע,
דרום טראָגן זיי זייער שאַנד
מיט די גענידערטע אין גרוב;
צווישן געשלאָגענע זיינען זיי געלייגט געוואָרן.
26 דאָרטן איז מֶשֶך, תּוּבַל מיט איר גאַנצן המון;
רונד אַרום איר אירע קברים;
אַלע אומבאַשניטענע, דערשלאָגן פון שווערד;
ווייל זיי האָבן אָנגעוואָרפן זייער שרעק
אין לאַנד פון די לעבעדיקע.
27 און די געפאַלענע פון די אומבאַשניטענע
וועלן ניט ליגן מיט די גיבורים
וואָס האָבן געניטערט אין אונטערערד מיט זייערע כּלֵי־
מלחמה,
און זייערע שווערדן האָט מען געלייגט אונטער זייערע
קעפּ;
וואָרום זייערע זינד זיינען אויף זייער געביין,
ווייל דער שרעק פון די גיבורים
איז געווען אין לאַנד פון די לעבעדיקע.
28 אויך דו וועסט צווישן אומבאַשניטענע צעבראָכן ווערן,
און ליגן מיט דערשלאָגענע פון שווערד.
29 דאָרטן איז אֱדוֹם,
אירע מלכים און אַלע אירע פירשטן,
וואָס זיינען ביי אַל זייער גבורה
געלייגט געוואָרן מיט דערשלאָגענע פון שווערד;
מיט אומבאַשניטענע ליגן זיי,
און מיט די גענידערטע אין גרוב.
30 דאָרטן זיינען די פירשטן פון צפון אַלע, און אַלע צידונים,
וואָס האָבן גענידערט מיט דערשלאָגענע;
ביי אַל זייער אָנשרעק דורך זייער גבורה זיינען זיי
פאַרשעמט;
און זיי ליגן אומבאַשניטענע מיט דערשלאָגענע פון
שווערד,
און טראָגן זייער שאַנד מיט די גענידערטע אין גרוב.
31 זיי וועט פּרעה זען,
און וועט זיך טרייסטן אויף זיין גאַנצן המון,
די דערשלאָגענע פון שווערד—
פּרעה מיט זיין גאַנצן חיל,
זאָגט גאָט דער האַר.
32 וואָרום איך טו וואַרפן מיין שרעק
אין לאַנד פון די לעבעדיקע;
און ער וועט געלייגט ווערן צווישן אומבאַשניטענע,
מיט דערשלאָגענע פון שווערד—
פּרעה מיט זיין גאַנצן המון,
זאָגט גאָט דער האַר.

## לג

1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן: 2 מענטשנקינד, רעד צו די קינדער פון דיין פאָלק, און זאָלסט זאָגן צו זיי: אַז איך ברענג אַ שווערד אויף אַ לאַנד, און דאָס פאָלק פון לאַנד נעמט אַ מאַן פון צווישן זיך, און זיי מאַכן אים פאַר זייער וועכטער, 3 און ער זעט די שווערד קומען אויפן לאַנד, און ער בלאָזט אין שופר, און וואָרנט דאָס פאָלק, 4 און דער הערער הערט דעם קָול פון שופר, און ער לאָזט זיך ניט וואָרענען, און די שווערד קומט, און נעמט אים צו, וועט זיין בלוט זיין אויף זיין קאָפּ. 5 דעם קָול פון שופר האָט ער געהערט, און ער לאָזט זיך ניט וואָרענען, וועט זיין בלוט זיין אויף אים; וואָרום אַז ער לאָזט זיך וואָרענען, וואָלט ער זיין נפש געראַטעוועט. 6 אָבער אַז דער וועכטער זעט די שווערד קומען, און ער בלאָזט ניט אין שופר, און דאָס פאָלק ווערט ניט געוואָרנט, און די שווערד קומט, און

נעמט צו פון זיי אַ נפש, איז ער צוגענומען געוואָרן פאַר זיינע זינד, אָבער זיין בלוט וועל איך מאָנען פון דעם וועכטערס האַנט. [7] און דו מענטשנקינד, אַ וועכטער האָב איך דיך געמאַכט פאַר דעם הויז פון ישׂראל, אַז ווען דו וועסט הערן פון מיין מויל אַ וואָרט, זאָלסטו זיי וואָרענען פון מיר. [8] אַז איך זאָג צו דעם שלעכטן: דו שלעכטער, שטאַרבן מוזטו שטאַרבן; און דו האָסט ניט גערעדט צו וואָרענען דעם שלעכטן פון זיין וועג, וועט ער, דער שלעכטער, שטאַרבן פאַר זיינע זינד, און זיין בלוט וועל איך פון דיין האַנט מאָנען. [9] אָבער אַז דו האָסט געוואָרנט דעם שלעכטן פון זיין וועג, זיך אומצוקערן פון אים, און ער האָט זיך ניט אומגעקערט פון זיין וועג, וועט ער שטאַרבן פאַר זיינע זינד, און דו האָסט דיין נפש מציל געווען.

[10] און דו מענטשנקינד, זאָג צו דעם הויז פון ישׂראל: איר זאָגט, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָר, אונדזערע פאַרברעכן און אונדזערע זינד זיינען אויף אונדז, און דורך זיי גייען מיר אַיין, און ווי קענען מיר לעבן? [11] זאָג צו זיי: אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט דער האַר, אויב איך באַגער דעם טויט פון דעם שלעכטן, נייערט אַז דער שלעכטער זאָל זיך אומקערן פון זיין וועג, און לעבן! קערט אייך אום, קערט אייך אום פון אייערע שלעכטע וועגן; און נאָך וואָס זאָלט איר שטאַרבן, הויז פון ישׂראל?

[12] און דו מענטשנקינד, זאָג צו די קינדער פון דיין פאָלק: די גערעכטיקייט פון דעם גערעכטן וועט אים ניט מציל זיין אין טאָג פון זיין פאַרברעך, און די שלעכטיקייט פון דעם שלעכטן, דורך איר וועט ער ניט געשטרויכלט ווערן אין דעם טאָג וואָס ער קערט זיך אום פון זיין שלעכטיקייט; און דער וואָס איז אַ גערעכטער, קען דערפאַר ניט בלייבן לעבן אין דעם טאָג וואָס ער זינדיקט. [13] אַז איך זאָג אויף דעם גערעכטן: לעבן וועט ער לעבן, און ער פאַרזיכערט זיך אויף זיין גערעכטיקייט, און טוט אומרעכט, וועלן אַלע זיינע גערעכטיקייטן ניט דערמאָנט ווערן, און פאַר זיין אומרעכט וואָס ער האָט געטאָן, דערפאַר וועט ער שטאַרבן. [14] און אַז איך זאָג צו דעם שלעכטן: שטאַרבן מוזטו שטאַרבן, און ער קערט זיך אום פון זיינע זינד, און טוט רעכט און גערעכטיקייט; [15] אַז דעם משכּון קערט דער שלעכטער אום, די גזלה באַצאָלט ער, אין די געזעצן פון לעבן גייט ער, ניט צו טאָן קיין אומרעכט—וועט ער געוויס לעבן, ער וועט ניט שטאַרבן. [16] אַלע זיינע זינד וואָס ער האָט געזינדיקט, וועלן אים ניט דערמאָנט ווערן; רעכט און גערעכטיקייט טוט ער, לעבן וועט ער לעבן. [17] און די קינדער פון דיין פאָלק זאָגן: ניט ריכטיק איז דער וועג פון גאָט, ווען זייער אייגענער וועג איז ניט ריכטיק. [18] אַז דער גערעכטער קערט זיך אָפּ פון זיין גערעכטיקייט, און טוט אומרעכט, מוז ער שטאַרבן דערפאַר. [19] און אַז דער שלעכטער קערט זיך אָפּ פון זיין שלעכטיקייט, און טוט רעכט און גערעכטיקייט, וועט ער דערפאַר לעבן. [20] און איר זאָגט: ניט ריכטיק איז דער וועג פון גאָט; איטלעכן לויט זיינע וועגן משפּט איך אייך, הויז פון ישׂראל.

[21] און עס איז געווען אין צוועלפטן יאָר פון אונדזער גלות, אין צענטן חודש, אין פינפטן טאָג פון חודש, איז געקומען צו מיר אַן אַנטרונענער פון ירושלַיִם, אַזוי צו זאָגן: די שטאָט איז געשלאָגן געוואָרן. [22] און די

הוּא בַּעֲוֺנוֹ נִלְקָח וְדָמוֹ מִיַּד־הַצֹּפֶה אֶדְרֹשׁ׃ וְאַתָּה
ז בֶן־אָדָם צֹפֶה נְתַתִּיךָ לְבֵית יִשְׂרָאֵל וְשָׁמַעְתָּ מִפִּי
ח דָּבָר וְהִזְהַרְתָּ אֹתָם מִמֶּנִּי׃ בְּאָמְרִי לָרָשָׁע רָשָׁע מוֹת
תָּמוּת וְלֹא דִבַּרְתָּ לְהַזְהִיר רָשָׁע מִדַּרְכּוֹ הוּא רָשָׁע בַּעֲוֺנוֹ
ט יָמוּת וְדָמוֹ מִיָּדְךָ אֲבַקֵּשׁ׃ וְאַתָּה כִּי־הִזְהַרְתָּ רָשָׁע מִדַּרְכּוֹ
לָשׁוּב מִמֶּנָּה וְלֹא־שָׁב מִדַּרְכּוֹ הוּא בַּעֲוֺנוֹ יָמוּת וְאַתָּה
י נַפְשְׁךָ הִצַּלְתָּ׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם אֱמֹר אֶל־בֵּית יִשְׂרָאֵל
כֵּן אֲמַרְתֶּם לֵאמֹר כִּי־פְשָׁעֵינוּ וְחַטֹּאתֵינוּ עָלֵינוּ וּבָם
יא אֲנַחְנוּ נְמַקִּים וְאֵיךְ נִחְיֶה׃ אֱמֹר אֲלֵיהֶם חַי־אָנִי ׀ נְאֻם ׀
אֲדֹנָי יֱהוִֹה אִם־אֶחְפֹּץ בְּמוֹת הָרָשָׁע כִּי אִם־בְּשׁוּב רָשָׁע
מִדַּרְכּוֹ וְחָיָה שׁוּבוּ שׁוּבוּ מִדַּרְכֵיכֶם הָרָעִים וְלָמָּה תָמוּתוּ
יב בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם אֱמֹר אֶל־בְּנֵי־עַמְּךָ
צִדְקַת הַצַּדִּיק לֹא תַצִּילֶנּוּ בְּיוֹם פִּשְׁעוֹ וְרִשְׁעַת הָרָשָׁע לֹא־
יִכָּשֶׁל בָּהּ בְּיוֹם שׁוּבוֹ מֵרִשְׁעוֹ וְצַדִּיק לֹא יוּכַל לִחְיוֹת בָּהּ
יג בְּיוֹם חֲטֹאתוֹ׃ בְּאָמְרִי לַצַּדִּיק חָיֹה יִחְיֶה וְהוּא־בָטַח
עַל־צִדְקָתוֹ וְעָשָׂה עָוֶל כָּל־צִדְקֹתָו לֹא תִזָּכַרְנָה וּבְעַוְלוֹ
יד אֲשֶׁר־עָשָׂה בּוֹ יָמוּת׃ וּבְאָמְרִי לָרָשָׁע מוֹת תָּמוּת וְשָׁב
טו מֵחַטָּאתוֹ וְעָשָׂה מִשְׁפָּט וּצְדָקָה׃ חֲבֹל יָשִׁיב רָשָׁע גְּזֵלָה
יְשַׁלֵּם בְּחֻקּוֹת הַחַיִּים הָלַךְ לְבִלְתִּי עֲשׂוֹת עָוֶל חָיוֹ יִחְיֶה
טז לֹא יָמוּת׃ כָּל־חַטֹּאתָו אֲשֶׁר חָטָא לֹא תִזָּכַרְנָה לוֹ מִשְׁפָּט
יז וּצְדָקָה עָשָׂה חָיוֹ יִחְיֶה׃ וְאָמְרוּ בְּנֵי עַמְּךָ לֹא יִתָּכֵן דֶּרֶךְ
יח אֲדֹנָי וְהֵמָּה דַּרְכָּם לֹא־יִתָּכֵן׃ בְּשׁוּב־צַדִּיק מִצִּדְקָתוֹ
יט וְעָשָׂה עָוֶל וּמֵת בָּהֶם׃ וּבְשׁוּב רָשָׁע מֵרִשְׁעָתוֹ וְעָשָׂה
כ מִשְׁפָּט וּצְדָקָה עֲלֵיהֶם הוּא יִחְיֶה׃ וַאֲמַרְתֶּם לֹא יִתָּכֵן
דֶּרֶךְ אֲדֹנָי אִישׁ כִּדְרָכָיו אֶשְׁפּוֹט אֶתְכֶם בֵּית יִשְׂרָאֵל׃
כא וַיְהִי בִּשְׁתֵּי עֶשְׂרֵה שָׁנָה בָּעֲשִׂרִי בַּחֲמִשָּׁה לַחֹדֶשׁ
לְגָלוּתֵנוּ בָּא־אֵלַי הַפָּלִיט מִירוּשָׁלִַם לֵאמֹר הֻכְּתָה

ו׳ קמץ בז״ק   יג׳ צדקותו ק   טז׳ חטאתיו ק

הָעִיר׃ וְיַד־יְהוָה הָיְתָה אֵלַי בָּעֶרֶב לִפְנֵי בּוֹא הַפָּלִיט כב
וַיִּפְתַּח אֶת־פִּי עַד־בּוֹא אֵלַי בַּבֹּקֶר וַיִּפָּתַח פִּי וְלֹא נֶאֱלַמְתִּי
עוֹד׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם יֹשְׁבֵי כג כד
הֶחֳרָבוֹת הָאֵלֶּה עַל־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל אֹמְרִים לֵאמֹר אֶחָד
הָיָה אַבְרָהָם וַיִּירַשׁ אֶת־הָאָרֶץ וַאֲנַחְנוּ רַבִּים לָנוּ נִתְּנָה
הָאָרֶץ לְמוֹרָשָׁה׃ לָכֵן אֱמֹר אֲלֵיהֶם כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי כה
יֱהוִה עַל־הַדָּם ׀ תֹּאכֵלוּ וְעֵינֵכֶם תִּשְׂאוּ אֶל־גִּלּוּלֵיכֶם וְדָם
תִּשְׁפֹּכוּ וְהָאָרֶץ תִּירָשׁוּ׃ עֲמַדְתֶּם עַל־חַרְבְּכֶם עֲשִׂיתֶן כו
תּוֹעֵבָה וְאִישׁ אֶת־אֵשֶׁת רֵעֵהוּ טִמֵּאתֶם וְהָאָרֶץ תִּירָשׁוּ׃
כֹּה־תֹאמַר אֲלֵהֶם כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה חַי־אָנִי אִם־לֹא כז
אֲשֶׁר בֶּחֳרָבוֹת בַּחֶרֶב יִפֹּלוּ וַאֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה לַחַיָּה
נְתַתִּיו לְאָכְלוֹ וַאֲשֶׁר בַּמְּצָדוֹת וּבַמְּעָרוֹת בַּדֶּבֶר יָמוּתוּ׃
וְנָתַתִּי אֶת־הָאָרֶץ שְׁמָמָה וּמְשַׁמָּה וְנִשְׁבַּת גְּאוֹן עֻזָּהּ וְשָׁמְמוּ כח
הָרֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֵין עוֹבֵר׃ וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה בְּתִתִּי אֶת־ כט
הָאָרֶץ שְׁמָמָה וּמְשַׁמָּה עַל כָּל־תּוֹעֲבֹתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ׃
וְאַתָּה בֶן־אָדָם בְּנֵי עַמְּךָ הַנִּדְבָּרִים בְּךָ אֵצֶל הַקִּירוֹת ל
וּבְפִתְחֵי הַבָּתִּים וְדִבֶּר־חַד אֶת־אַחַד אִישׁ אֶת־אָחִיו לֵאמֹר
בֹּאוּ־נָא וְשִׁמְעוּ מָה הַדָּבָר הַיּוֹצֵא מֵאֵת יְהוָה׃ וְיָבוֹאוּ לא
אֵלֶיךָ כִּמְבוֹא־עָם וְיֵשְׁבוּ לְפָנֶיךָ עַמִּי וְשָׁמְעוּ אֶת־דְּבָרֶיךָ
וְאוֹתָם לֹא יַעֲשׂוּ כִּי־עֲגָבִים בְּפִיהֶם הֵמָּה עֹשִׂים אַחֲרֵי
בִצְעָם לִבָּם הֹלֵךְ׃ וְהִנְּךָ לָהֶם כְּשִׁיר עֲגָבִים יְפֵה קוֹל לב
וּמֵטִב נַגֵּן וְשָׁמְעוּ אֶת־דְּבָרֶיךָ וְעֹשִׂים אֵינָם אוֹתָם׃ וּבְבֹאָהּ לג
הִנֵּה בָאָה וְיָדְעוּ כִּי נָבִיא הָיָה בְתוֹכָם׃

לד

וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם הִנָּבֵא עַל־רוֹעֵי א ב
יִשְׂרָאֵל הִנָּבֵא וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם לָרֹעִים כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי
יֱהוִה הוֹי רֹעֵי־יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הָיוּ רֹעִים אוֹתָם הֲלוֹא
הַצֹּאן יִרְעוּ הָרֹעִים׃ אֶת־הַחֵלֶב תֹּאכֵלוּ וְאֶת־הַצֶּמֶר ג

האַנט פון גאָט איז געווען אויף מיר אין אָוונט איידער דער אַנטרונענער איז אָנגעקומען; און ער האָט געעפנט מיין מויל איידער ער איז אָנגעקומען צו מיר אין דער פרי; און מיין מויל איז געבליבן אָפן, און איך בין מער ניט שטום געווען[א].

23 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:

24 מענטשנקינד, די וואָס זיצן אין דידאָזיקע חורבות
אויף דער ערד פון ישׂראל, זאָגן, אַזוי צו זאָגן:
איינער איז געווען אַברהם,
און ער האָט געאַרבט דאָס לאַנד,
און מיר זיינען פיל,
איז אונדז דאָס לאַנד [אַוודאי] געגעבן געוואָרן פאַר אַ ירושה.
25 דרום זאָג צו זיי: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
מיטן בלוט עסט איר,
און אַייערע אויגן הייבט איר אויף צו אַייערע אָפּגעטער,
און בלוט פאַרגיסט איר,
און דאָס לאַנד ווילט איר ירשען?
26 איר זייט געשטאַנען אויף אַייער שווערד,
איר האָט געטאָן אומווערדיקייט,
און איינער דעם אַנדערנס ווייב האט איר פאַראומרייניקט,
און דאָס לאַנד ווילט איר ירשען?
27 אַזוי זאָלסטו זאָגן צו זיי:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
אַזוי ווי איך לעב,
אַז די וואָס אין די חורבות וועלן דורכן שווערד[ב] פאַלן,
און דער וואָס אויפן פרייען פעלד,
אים גיב איך צו די חיות, אים צו פאַרצערן,
און די וואָס אין די פעסטונגען און אין די היילן
וועלן פון פעסט אויסשטאַרבן.
28 און איך וועל מאַכן דאָס לאַנד אַ וויסט און וויסטעניש,
און פאַרשטערט ווערן וועט איר שטאָלצע מאַכט,
און די בערג פון ישׂראל וועלן זיין וויסט אָן אַ דורכגייער.
29 און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה,
ווען איך מאַך דאָס לאַנד אַ וויסט און וויסטעניש,
פאַר אַלע זייערע אומווערדיקייטן וואָס זיי האָבן געטאָן.

30 און דו מענטשנקינד,
די קינדער פון דיין פאָלק רעדן פון דיר,
ביז די ווענט, און אין די אַיינגאַנגען פון די הייזער,
און איינער רעדט מיטן אַנדערן,
איטלעכער מיט זיין ברודער, אַזוי צו זאָגן:
קומט אַקאָרשט, און הערט,
וואָס איז דאָס וואָרט וואָס גייט אַרויס פון גאָט;
31 און זיי קומען צו דיר ווי אַ צונויפקום פון פאָלק;
און זיי זיצן פאַר דיר, ווי כלומרשט מיין פאָלק,
און זיי הערן צו דיינע ווערטער,
אָבער זיי טוען זיי ניט;
וואָרום מיט זייער מויל ווייזן זיי ליבשאַפט,
בעת נאָך זייער גייציקייט גייט זייער האַרץ.
32 און זע, ביסט ביי זיי ווי אַ ליבעלידל
פון איינעם וואָס האָט אַ שיין קָול, און שפּילט גוט;
און זיי הערן צו דיינע ווערטער,
אָבער זיי טוען זיי ניט.
33 אָבער ווען עס קומט—זע, עס קומט—
וועלן זיי וויסן אַז אַ נביא איז געווען צווישן זיי.

## לד

1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
2 מענטשנקינד, זאָג נביאות אויף די פאַסטוכער פון ישׂראל;
זאָג נביאות, און זאָלסט זאָגן צו זיי, צו די פאַסטוכער:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
וויי, די פאַסטוכער פון ישׂראל
וואָס האָבן געפיטערט זיך אַליין!
דאַרפן ניט די פאַסטוכער די שאָף פיטערן?
3 דאָס פעטס עסט איר אויף,
און מיט דער וואָל באַקליידט איר זיך,

[א] זע ג, 26–27.
[ב] וואָרטשפּיל: בֶּחֳרָבוֹת–בַּחֶרֶב.

די פעטע טוט איר שעכטן;
די שאָף פיטערן טוט איר ניט.
4 די שלאַפע האָט איר ניט געשטאַרקט,
און די קראַנקע האָט איר ניט געהיילט,
און די צעבראָכענע האָט איר ניט אַרומגעבונדן,
און די פאַרשטויסענע האָט איר ניט אומגעקערט,
און די פאַרלאָרענע האָט איר ניט געזוכט,
און מיט געוואַלט האָט איר געוועלטיקט איבער זיי,
און מיט האַרטיקייט.
5 און זיי זיינען צעשפּרייט געוואָרן, ווייל אָן אַ פּאַסטוך,
און געוואָרן צו שפּייז פאַר יעטוועדער חיה פון פעלד,
ווייל זיי זיינען צעשפּרייט געווען.
6 האָבן געבלאָנדזשעט מיינע שאָף אויף אַלע בערג,
און אויף איטלעכן הויכן בערגל;
און איבערן גאַנצן געזיכט פון דער ערד
זיינען צעשפּרייט געוואָרן מיינע שאָף,
און ניט געווען קיין פרעגער און קיין זוכער.
7 דרום, איר פּאַסטוכער, הערט דאָס וואָרט פון גאָט:
8 אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט דער האַר,
פאַרוואָר, ווייל מיינע שאָף זיינען געוואָרן צו רויב,
און מיינע שאָף זיינען געוואָרן צו שפּייז
פאַר יעטוועדער חיה פון פעלד, ווייל אָן אַ פּאַסטוך,
און מיינע פּאַסטוכער האָבן ניט נאָכגעפרעגט אויף
מיינע שאָף,
און די פּאַסטוכער האָבן געפּיטערט זיך אַליין,
און מיינע שאָף האָבן זיי ניט געפּיטערט,
9 דרום, איר פּאַסטוכער, הערט דאָס וואָרט פון גאָט.
10 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
זע, איך קום צו די פּאַסטוכער,
און וועל מאָנען מיינע שאָף פון זייער האַנט,
און וועל זיי אָפּשאַפן פון פּיטערן שאָף,
און די פּאַסטוכער וועלן מער ניט פּיטערן זיך אַליין;
און איך וועל מציל זיין מיינע שאָף פון זייער מויל,
און זיי וועלן מער ניט זיין זיי צו שפּייז.
11 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
אָט בין איך, און איך וועל נאָכפרעגן אויף מיינע שאָף,
און איך וועל זיי אויפזוכן.
12 ווי אַ פּאַסטוך זוכט נאָך זיין סטאַדע
אין דעם טאָג וואָס ער איז צווישן זיינע שאָף די
צעשפּרייטע,
אַזוי וועל איך נאָכזוכן מיינע שאָף;
און איך וועל זיי מציל זיין פון אַלע ערטער
וואָס זיי זיינען צעשפּרייט געוואָרן אַהין
אין דעם טאָג פון וואָלקן און נעבל.
13 און איך וועל זיי אַרויסציען פון די פעלקער,
און וועל זיי איינזאַמלען פון די לענדער,
און וועל זיי ברענגען אויף זייער ערד;
און איך וועל זיי פּיטערן אויף די בערג פון ישראל,
ביי די שטראָמען, און אין אַלע וווינערטער פון לאַנד.

ד תִּלְבָּשׁוּ הַבְּרִיאָה תִּזְבָּחוּ הַצֹּאן לֹא תִרְעוּ׃ אֶת־הַנַּחְלוֹת
לֹא חִזַּקְתֶּם וְאֶת־הַחוֹלָה לֹא־רִפֵּאתֶם וְלַנִּשְׁבֶּרֶת לֹא
חֲבַשְׁתֶּם וְאֶת־הַנִּדַּחַת לֹא הֲשֵׁבֹתֶם וְאֶת־הָאֹבֶדֶת לֹא
ה בִקַּשְׁתֶּם וּבְחָזְקָה רְדִיתֶם אֹתָם וּבְפָרֶךְ׃ וַתְּפוּצֶינָה מִבְּלִי
רֹעֶה וַתִּהְיֶינָה לְאָכְלָה לְכָל־חַיַּת הַשָּׂדֶה וַתְּפוּצֶינָה׃
ו יִשְׁגּוּ צֹאנִי בְּכָל־הֶהָרִים וְעַל כָּל־גִּבְעָה רָמָה וְעַל כָּל־
ז פְּנֵי הָאָרֶץ נָפֹצוּ צֹאנִי וְאֵין דּוֹרֵשׁ וְאֵין מְבַקֵּשׁ׃ לָכֵן
ח רֹעִים שִׁמְעוּ אֶת־דְּבַר יְהוָה׃ חַי־אָנִי נְאֻם ׀ אֲדֹנָי יְהוִה
אִם־לֹא יַעַן הֱיוֹת־צֹאנִי ׀ לָבַז וַתִּהְיֶינָה צֹאנִי לְאָכְלָה לְכָל־
חַיַּת הַשָּׂדֶה מֵאֵין רֹעֶה וְלֹא־דָרְשׁוּ רֹעַי אֶת־צֹאנִי וַיִּרְעוּ
ט הָרֹעִים אוֹתָם וְאֶת־צֹאנִי לֹא רָעוּ׃ לָכֵן הָרֹעִים שִׁמְעוּ
י דְּבַר־יְהוָה׃ כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה הִנְנִי אֶל־הָרֹעִים
וְדָרַשְׁתִּי אֶת־צֹאנִי מִיָּדָם וְהִשְׁבַּתִּים מֵרְעוֹת צֹאן וְלֹא־
יִרְעוּ עוֹד הָרֹעִים אוֹתָם וְהִצַּלְתִּי צֹאנִי מִפִּיהֶם וְלֹא־תִהְיֶיןָ
יא לָהֶם לְאָכְלָה׃ כִּי כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה הִנְנִי־אָנִי
יב וְדָרַשְׁתִּי אֶת־צֹאנִי וּבִקַּרְתִּים׃ כְּבַקָּרַת רֹעֶה עֶדְרוֹ בְּיוֹם
הֱיוֹתוֹ בְתוֹךְ־צֹאנוֹ נִפְרָשׁוֹת כֵּן אֲבַקֵּר אֶת־צֹאנִי וְהִצַּלְתִּי
אֶתְהֶם מִכָּל־הַמְּקוֹמֹת אֲשֶׁר־נָפֹצוּ שָׁם בְּיוֹם עָנָן וַעֲרָפֶל׃
יג וְהוֹצֵאתִים מִן־הָעַמִּים וְקִבַּצְתִּים מִן־הָאֲרָצוֹת וַהֲבִיאוֹתִים
אֶל־אַדְמָתָם וּרְעִיתִים אֶל־הָרֵי יִשְׂרָאֵל בָּאֲפִיקִים וּבְכֹל
יד מוֹשְׁבֵי הָאָרֶץ׃ בְּמִרְעֶה־טּוֹב אֶרְעֶה אֹתָם וּבְהָרֵי מְרוֹם־
יִשְׂרָאֵל יִהְיֶה נְוֵהֶם שָׁם תִּרְבַּצְנָה בְּנָוֶה טּוֹב וּמִרְעֶה שָׁמֵן
טו תִּרְעֶינָה אֶל־הָרֵי יִשְׂרָאֵל׃ אֲנִי אֶרְעֶה צֹאנִי וַאֲנִי אַרְבִּיצֵם
טז נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה׃ אֶת־הָאֹבֶדֶת אֲבַקֵּשׁ וְאֶת־הַנִּדַּחַת אָשִׁיב
וְלַנִּשְׁבֶּרֶת אֶחֱבֹשׁ וְאֶת־הַחוֹלָה אֲחַזֵּק וְאֶת־הַשְּׁמֵנָה וְאֶת־
יז הַחֲזָקָה אַשְׁמִיד אֶרְעֶנָּה בְמִשְׁפָּט׃ וְאַתֵּנָה צֹאנִי כֹּה אָמַר
אֲדֹנָי יְהוִה הִנְנִי שֹׁפֵט בֵּין־שֶׂה לָשֶׂה לָאֵילִים וְלָעַתּוּדִים׃

ג׳ קמץ בז״ק

14 אויף אַ גוטער פּיטערונג וועל איך זיי פּיטערן,
און אויף די הויכע בערג פון ישראל וועט זיין זייער לאָנקע;
דאָרטן וועלן זיי הויערן אין אַ גוטער לאָנקע,
און אַ פעטע פּיטערונג וועלן זיי זיך פּיטערן
אויף די בערג פון ישראל.
15 איך וועל פּיטערן מיינע שאָף,
און איך וועל זיי מאַכן הויערן,
זאָגט גאָט דער האַר.
16 די פאַרלאָרענע וועל איך אויפזוכן,
און די פאַרשטויסענע וועל איך אומקערן,
און די צעבראָכענע וועל איך אַרומבינדן,
און די קראַנקע וועל איך שטאַרקן,
און די פעטע און די שטאַרקע וועל איך פאַרטיליקן;
מיט גערעכטיקייט וועל איך זיי פּיטערן.
17 און איר מיינע שאָף, אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
זעט, איך משפּט צווישן אַ לאַם און אַ לאַם,
די ווידערס און די בעק.

יח הַמְעַט מִכֶּם הַמִּרְעֶה הַטּוֹב תִּרְעוּ וְיֶתֶר מִרְעֵיכֶם תִּרְמְסוּ
בְּרַגְלֵיכֶם וּמִשְׁקַע־מַיִם תִּשְׁתּוּ וְאֵת הַנּוֹתָרִים בְּרַגְלֵיכֶם
יט תִּרְפֹּשׂוּן׃ וְצֹאנִי מִרְמַס רַגְלֵיכֶם תִּרְעֶינָה וּמִרְפַּשׂ רַגְלֵיכֶם
כ תִּשְׁתֶּינָה׃ לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה אֲלֵיהֶם הִנְנִי־
כא אָנִי וְשָׁפַטְתִּי בֵּין־שֶׂה בִרְיָה וּבֵין שֶׂה רָזָה׃ יַעַן בְּצַד
וּבְכָתֵף תֶּהְדֹּפוּ וּבְקַרְנֵיכֶם תְּנַגְּחוּ כָּל־הַנַּחְלוֹת עַד אֲשֶׁר
כב הֲפִיצוֹתֶם אוֹתָנָה אֶל־הַחוּצָה׃ וְהוֹשַׁעְתִּי לְצֹאנִי וְלֹא־
כג תִהְיֶינָה עוֹד לָבַז וְשָׁפַטְתִּי בֵּין שֶׂה לָשֶׂה׃ וַהֲקִמֹתִי עֲלֵיהֶם
רֹעֶה אֶחָד וְרָעָה אֶתְהֶן אֵת עַבְדִּי דָוִיד הוּא יִרְעֶה אֹתָם
כד וְהוּא־יִהְיֶה לָהֶן לְרֹעֶה׃ וַאֲנִי יְהוָה אֶהְיֶה לָהֶם לֵאלֹהִים
כה וְעַבְדִּי דָוִד נָשִׂיא בְתוֹכָם אֲנִי יְהוָה דִּבַּרְתִּי׃ וְכָרַתִּי לָהֶם
בְּרִית שָׁלוֹם וְהִשְׁבַּתִּי חַיָּה־רָעָה מִן־הָאָרֶץ וְיָשְׁבוּ בַמִּדְבָּר
כו לָבֶטַח וְיָשְׁנוּ בַּיְּעָרִים׃ וְנָתַתִּי אוֹתָם וּסְבִיבוֹת גִּבְעָתִי
כז בְּרָכָה וְהוֹרַדְתִּי הַגֶּשֶׁם בְּעִתּוֹ גִּשְׁמֵי בְרָכָה יִהְיוּ׃ וְנָתַן
עֵץ הַשָּׂדֶה אֶת־פִּרְיוֹ וְהָאָרֶץ תִּתֵּן יְבוּלָהּ וְהָיוּ עַל־אַדְמָתָם
לָבֶטַח וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה בְּשִׁבְרִי אֶת־מֹטוֹת עֻלָּם
כח וְהִצַּלְתִּים מִיַּד הָעֹבְדִים בָּהֶם׃ וְלֹא־יִהְיוּ עוֹד בַּז לַגּוֹיִם
וְחַיַּת הָאָרֶץ לֹא תֹאכְלֵם וְיָשְׁבוּ לָבֶטַח וְאֵין מַחֲרִיד׃
כט וַהֲקִמֹתִי לָהֶם מַטָּע לְשֵׁם וְלֹא־יִהְיוּ עוֹד אֲסֻפֵי רָעָב
ל בָּאָרֶץ וְלֹא־יִשְׂאוּ עוֹד כְּלִמַּת הַגּוֹיִם׃ וְיָדְעוּ כִּי אֲנִי יְהוָה
אֱלֹהֵיהֶם אִתָּם וְהֵמָּה עַמִּי בֵּית יִשְׂרָאֵל נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃
לא וְאַתֵּן צֹאנִי צֹאן מַרְעִיתִי אָדָם אַתֶּם אֲנִי אֱלֹהֵיכֶם נְאֻם
אֲדֹנָי יֱהוִה׃

## לה

א וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ ב בֶּן־אָדָם שִׂים פָּנֶיךָ עַל־הַר
ג שֵׂעִיר וְהִנָּבֵא עָלָיו׃ וְאָמַרְתָּ לּוֹ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה
הִנְנִי אֵלֶיךָ הַר־שֵׂעִיר וְנָטִיתִי יָדִי עָלֶיךָ וּנְתַתִּיךָ שְׁמָמָה

לד, כה׳ ביערים קרי

18 ווינציק אַייך וואָס די בעסטע פּיטערונג פּיטערט איר
אַייך,
אַז דעם איבערבלייב פון אַייער פּיטערונג
צעטראַמפּלט איר מיט אַייערע פיס?
און וואָס אָפּגעשטאַנען וואַסער טרינקט איר,
אַז דאָס איבעריקע צעקויטיקט איר מיט אַייערע פיס?
19 און מיינע שאָף פּיטערן זיך
אויף וואָס אַייערע פיס האָבן צעטראַמפּלט,
און טרינקען וואָס אַייערע פיס האָבן צעקויטיקט.

20 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט צו זיי:
אָט בין איך, און איך וועל משפּטן
צווישן דעם פעטן לאַם און דעם מאָגערן לאַם.
21 ווייל מיט דער זייט און מיטן אַקסל שטופּט איר,
און מיט אַייערע הערנער שטויסט איר, אַלע שלאַפע,
ביז איר האָט זיי צעשפּרייט דערויסן,
22 דרום וועל איך העלפן מיינע שאָף,
און זיי וועלן מער ניט זיין צו רויב;
און איך וועל משפּטן צווישן אַ לאַם און אַ לאַם.
23 און איך וועל אויפשטעלן איבער זיי איין פּאַסטוך
וואָס וועט זיי פּיטערן—מיין קנעכט דוד;
ער וועט זיי פּיטערן, און ער וועט זיי זיין צום פּאַסטוך.
24 און איך יהוה וועל זיי זיין צום גאָט,
און מיין קנעכט דוד אַ פירשט צווישן זיי;
איך יהוה האָב גערעדט.
25 און איך וועל זיי שליסן אַ בונד פון שלום,
און וועל פאַרשטערן אַ בייזע חיה פון לאַנד,
און זיי וועלן זיצן אין מדבר אין זיכערקייט,
און שלאָפן אין די וועלדער.
26 און איך וועל מאַכן זיי און רונד אַרום מיין באַרג
פאַר אַ בענטשונג;
און איך וועל מאַכן נידערן דעם רעגן אין זיין צייט;
געבענטשטע רעגנס וועלן דאָס זיין.
27 און דער בוים פון פעלד וועט געבן זיין פּרוכט,
און די ערד וועט געבן איר געוועקס;
און זיי וועלן זיין אויף זייער ערד אין זיכערקייט;
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה,
ווען איך צעברעך די שטאַנגען פון זייער יאָך,
און וועל זיי מציל זיין פון דער האַנט
פון די וואָס אַרבעטן מיט זיי.
28 און זיי וועלן מער ניט זיין אַ רויב פאַר די פעלקער,
און די חיה פון לאַנד וועט זיי ניט פאַרצערן;
און זיי וועלן זיצן אין זיכערקייט,
און קיינער וועט ניט שרעקן.
29 און איך וועל זיי אויפשטעלן אַ פלאַנצונג פאַר אַ שם,
און עס וועלן מער ניט זיין אין לאַנד
אויסגעגאַנגענע פון הונגער,
און זיי וועלן מער ניט טראָגן
די שאַנד פון די פעלקער.
30 און זיי וועלן וויסן
אַז איך יהוה זייער גאָט בין מיט זיי,
און זיי, דאָס הויז פון ישׂראל, זיינען מיין פאָלק,
זאָגט גאָט דער האַר.
31 און איר זייט מיינע שאָף;
די מענטשנשאָף פון מיין פּיטערונג זייט איר;
און איך בין אַייער גאָט, זאָגט גאָט דער האַר.

## לה

1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
2 מענטשנקינד, טו דיין פּנים צו באַרג שֵׂעיר,
און זאָג נביאות אויף אים;
3 און זאָלסט זאָגן צו אים:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
זע, איך קום צו דיר, באַרג שֵׂעיר,
און וועל אויסשטרעקן מיין האַנט אויף דיר,
און וועל דיך מאַכן אַ וויסט און וויסטעניש.

ד וּמְשַׁמָּה: עָרֶיךָ חָרְבָּה אָשִׂים וְאַתָּה שְׁמָמָה תִהְיֶה וְיָדַעְתָּ
ה כִּי־אֲנִי יְהוָה: יַעַן הֱיוֹת לְךָ אֵיבַת עוֹלָם וַתַּגֵּר אֶת־בְּנֵי־
ו יִשְׂרָאֵל עַל־יְדֵי חָרֶב בְּעֵת אֵידָם בְּעֵת עֲוֹן קֵץ: לָכֵן חַי־
אָנִי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה כִּי־לְדָם אֶעֶשְׂךָ וְדָם יִרְדֲּפֶךָּ אִם־לֹא
ז דָם שָׂנֵאתָ וְדָם יִרְדֲּפֶךָּ: וְנָתַתִּי אֶת־הַר שֵׂעִיר לְשִׁמְמָה
ח וּשְׁמָמָה וְהִכְרַתִּי מִמֶּנּוּ עֹבֵר וָשָׁב: וּמִלֵּאתִי אֶת־הָרָיו
חֲלָלָיו גִּבְעוֹתֶיךָ וְגֵאוֹתֶיךָ וְכָל־אֲפִיקֶיךָ חַלְלֵי־חֶרֶב יִפְּלוּ
ט בָהֶם: שִׁמְמוֹת עוֹלָם אֶתֶּנְךָ וְעָרֶיךָ לֹא תִישַׁבְנָה וִידַעְתֶּם
י כִּי־אֲנִי יְהוָה: יַעַן אֲמָרְךָ אֶת־שְׁנֵי הַגּוֹיִם וְאֶת־שְׁתֵּי
יא הָאֲרָצוֹת לִי תִהְיֶינָה וִירִשְׁנוּהָ וַיהוָה שָׁם הָיָה: לָכֵן חַי־אָנִי
נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה וְעָשִׂיתִי כְּאַפְּךָ וּכְקִנְאָתְךָ אֲשֶׁר עָשִׂיתָה
יב מִשִּׂנְאָתֶיךָ בָּם וְנוֹדַעְתִּי בָם כַּאֲשֶׁר אֶשְׁפְּטֶךָ: וְיָדַעְתָּ כִּי
אֲנִי יְהוָה שָׁמַעְתִּי | אֶת־כָּל־נָאָצוֹתֶיךָ אֲשֶׁר אָמַרְתָּ עַל־
יג הָרֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר | שָׁמֵמָה לָנוּ נִתְּנוּ לְאָכְלָה: וַתַּגְדִּילוּ
עָלַי בְּפִיכֶם וְהַעְתַּרְתֶּם עָלַי דִּבְרֵיכֶם אֲנִי שָׁמָעְתִּי:
יד כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה כִּשְׂמֹחַ כָּל־הָאָרֶץ שְׁמָמָה אֶעֱשֶׂה־
טו לָּךְ: כְּשִׂמְחָתְךָ לְנַחֲלַת בֵּית־יִשְׂרָאֵל עַל אֲשֶׁר־שָׁמֵמָה
כֵּן אֶעֱשֶׂה־לָּךְ שְׁמָמָה תִהְיֶה הַר־שֵׂעִיר וְכָל־אֱדוֹם כֻּלָּהּ
וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה:

## לו

א וְאַתָּה בֶן־אָדָם הִנָּבֵא אֶל־הָרֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ הָרֵי יִשְׂרָאֵל
ב שִׁמְעוּ דְּבַר־יְהוָה: כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה יַעַן אָמַר הָאוֹיֵב
ג עֲלֵיכֶם הֶאָח וּבָמוֹת עוֹלָם לְמוֹרָשָׁה הָיְתָה לָּנוּ: לָכֵן
הִנָּבֵא וְאָמַרְתָּ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה יַעַן בְּיַעַן שַׁמּוֹת וְשָׁאֹף
אֶתְכֶם מִסָּבִיב לִהְיוֹתְכֶם מוֹרָשָׁה לִשְׁאֵרִית הַגּוֹיִם וַתַּעֲלוּ
ד עַל־שְׂפַת לָשׁוֹן וְדִבַּת־עָם: לָכֵן הָרֵי יִשְׂרָאֵל שִׁמְעוּ
דְּבַר־אֲדֹנָי יֱהוִה כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה לֶהָרִים וְלַגְּבָעוֹת

---

לה, ט׳ תשבנה קרי   יב׳ שממו קרי   לו, ג׳ כצ״ל

4 דיינע שטעט וועל איך חָרב מאַכן,
און דו וועסט אַ וויסטעניש זיין;
און וועסט וויסן אַז איך בין יהוה.
5 ווייל ביי דיר איז געווען אַן אייביקע שׂנאה,
און האָסט איבערגעענטפערט די קינדער פון ישׂראל
אין דער מאַכט פון שווערד,
אין דער צייט פון זייער בראָך,
אין דער צייט פון דער לעצטער פאַרזינדיקונג,
6 דרום, אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט דער האַר,
אַז צו בלוט וועל איך דיך מאַכן,
און בלוט וועט דיך נאָכיאָגן;
פאַרוואָר, אייגן בלוט האָסטו פיינט געהאַט,
דרום זאָל בלוט דיך נאָכיאָגן.
7 און איך וועל מאַכן באַרג שֵׂעִיר
פאַר אַ וויסט און וויסטעניש,
און וועל פאַרשניידן פון אים גייער און קומער.
8 און איך וועל אָנפילן זיינע בערג מיט זיינע דער־
שלאָגענע;
דיינע הייכן, און דיינע טאָלן, און אַלע דיינע גראָבנס–
דערשלאָגענע פון שווערד וועלן פאַלן אין זיי.
9 אייביקע וויסטענישן וועל איך דיך מאַכן,
און דיינע שטעט וועלן ניט ווידערקערן;
און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה.
10 ווייל דו האָסט געזאָגט:
„די ביידע פעלקער און די ביידע לענדער וועלן מיינע
ווערן,
און מיר וועלן זיי ירשען",
הגם גאָט איז דאָרט געווען,
11 דרום, אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט דער האַר,
אַז איך וועל טאָן אַזוי ווי דיין צאָרן און ווי דיין קנאה
וואָס דו האָסט באַוויזן, פון דיין שׂנאה צו זיי;
און איך וועל באַוווסט ווערן צווישן זיי,
ווען איך וועל דיך משפטן.
12 און וועסט וויסן אַז איך יהוה האָב געהערט
אַלע דיינע לעסטערונגען וואָס דו האָסט געזאָגט
אויף די בערג פון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן:
פאַרוויסט זיינען זיי געוואָרן,
אונדז זיינען זיי געגעבן געוואָרן צו שפּייז.
13 און איר האָט זיך געגרייסט קעגן מיר מיט אַייער
מויל,
און האָט געמערט קעגן מיר אַייערע ווערטער;
איך האָב געהערט.
14 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
ווען די גאַנצע ערד פרייט זיך,
וועל איך דיך מאַכן אַ וויסטעניש.
15 אַזוי ווי דו האָסט זיך געפרייט
איבער דער נחלה פון דעם הויז פון ישׂראל,
פאַרוואָס זי איז וויסט געוואָרן,
אַזוי וועל איך טאָן צו דיר;
אַ וויסטעניש וועסטו ווערן, באַרג שֵׂעִיר,
און גאַנץ אֱדוֹם אין גאַנצן;
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה.

## לו

1 און דו מענטשנקינד, זאָג נביאות
אויף די בערג פון ישׂראל,
און זאָלסט זאָגן: בערג פון ישׂראל,
הערט דאָס וואָרט פון גאָט.
2 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
ווייל דער פיינט האָט אויף אַייך געזאָגט: אַהאַ!
אויך די אייביקע הייכן זיינען אונדז צו ירושה געוואָרן.
3 דרום זאָג נביאות, און זאָלסט זאָגן:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
ווייל און באַווייל מע האָט אַייך פאַרוויסט
און אַיינגעשלונגען פון רונד אַרום,
כדי איר זאָלט ווערן אַ ירושה
פאַר די איבעריקע פעלקער,
און איר זייט געקומען אויף דעם גערייד פון צינגער,
און דער באַריידעריי פון מענטשן,
4 דרום איר בערג פון ישׂראל,
הערט דאָס וואָרט פון גאָט דעם האַר:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר
צו די בערג און צו די הייכן,

לַאֲפִיקִים וְלַגֵּאָיוֹת לֶחֳרָבוֹת הַשֹּׁמְמוֹת וְלֶעָרִים הַנֶּעֱזָבוֹת
אֲשֶׁר הָיוּ לְבַז וּלְלַעַג לִשְׁאֵרִית הַגּוֹיִם אֲשֶׁר מִסָּבִיב׃ לָכֵן ה
כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה אִם־לֹא בְּאֵשׁ קִנְאָתִי דִבַּרְתִּי עַל־
שְׁאֵרִית הַגּוֹיִם וְעַל־אֱדוֹם כֻּלָּא אֲשֶׁר נָתְנוּ־אֶת־אַרְצִי ׀
לָהֶם לְמוֹרָשָׁה בְּשִׂמְחַת כָּל־לֵבָב בִּשְׁאָט נֶפֶשׁ לְמַעַן
מִגְרָשָׁהּ לָבַז׃ לָכֵן הִנָּבֵא עַל־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ ו
לֶהָרִים וְלַגְּבָעוֹת לָאֲפִיקִים וְלַגֵּאָיוֹת כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי יְהוִה
הִנְנִי בְקִנְאָתִי וּבַחֲמָתִי דִּבַּרְתִּי יַעַן כְּלִמַּת גּוֹיִם נְשָׂאתֶם׃
לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה אֲנִי נָשָׂאתִי אֶת־יָדִי אִם־ ז
לֹא הַגּוֹיִם אֲשֶׁר לָכֶם מִסָּבִיב הֵמָּה כְּלִמָּתָם יִשָּׂאוּ׃ וְאַתֶּם ח
הָרֵי יִשְׂרָאֵל עַנְפְּכֶם תִּתֵּנוּ וּפֶרְיְכֶם תִּשְׂאוּ לְעַמִּי יִשְׂרָאֵל
כִּי קֵרְבוּ לָבוֹא׃ כִּי הִנְנִי אֲלֵיכֶם וּפָנִיתִי אֲלֵיכֶם וְנֶעֱבַדְתֶּם ט
וְנִזְרַעְתֶּם׃ וְהִרְבֵּיתִי עֲלֵיכֶם אָדָם כָּל־בֵּית יִשְׂרָאֵל כֻּלֹּה י
וְנֹשְׁבוּ הֶעָרִים וְהֶחֳרָבוֹת תִּבָּנֶינָה׃ וְהִרְבֵּיתִי עֲלֵיכֶם אָדָם יא
וּבְהֵמָה וְרָבוּ וּפָרוּ וְהוֹשַׁבְתִּי אֶתְכֶם כְּקַדְמוֹתֵיכֶם וְהֵטִבֹתִי
מֵרִאשֹׁתֵיכֶם וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ וְהוֹלַכְתִּי עֲלֵיכֶם יב
אָדָם אֶת־עַמִּי יִשְׂרָאֵל וִירֵשׁוּךָ וְהָיִיתָ לָהֶם לְנַחֲלָה וְלֹא־
תוֹסִף עוֹד לְשַׁכְּלָם׃ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה יַעַן אֹמְרִים יג
לָכֶם אֹכֶלֶת אָדָם אָתְּי וּמְשַׁכֶּלֶת גּוֹיַךְ הָיִית׃ לָכֵן אָדָם יד
לֹא־תֹאכְלִי עוֹד וְגוֹיַךְ לֹא תְכַשְּׁלִי־עוֹד נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה׃
וְלֹא־אַשְׁמִיעַ אֵלַיִךְ עוֹד כְּלִמַּת הַגּוֹיִם וְחֶרְפַּת עַמִּים לֹא טו
תִשְׂאִי־עוֹד וְגוֹיַךְ לֹא־תַכְשִׁלִי עוֹד נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה׃
וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם בֵּית יִשְׂרָאֵל טז יז
יֹשְׁבִים עַל־אַדְמָתָם וַיְטַמְּאוּ אוֹתָהּ בְּדַרְכָּם וּבַעֲלִילוֹתָם
כְּטֻמְאַת הַנִּדָּה הָיְתָה דַרְכָּם לְפָנָי׃ וָאֶשְׁפֹּךְ חֲמָתִי עֲלֵיהֶם יח
עַל־הַדָּם אֲשֶׁר־שָׁפְכוּ עַל־הָאָרֶץ וּבְגִלּוּלֵיהֶם טִמְּאוּהָ׃
וָאָפִיץ אֹתָם בַּגּוֹיִם וַיִּזָּרוּ בָּאֲרָצוֹת כְּדַרְכָּם וְכַעֲלִילוֹתָם יט

ה׳ כ״ל  יג׳ את קרי  גויך קרי  יד׳ וגויך קרי
תשכלי קרי  טו׳ וגויך קרי  טז׳ הפטרת פרשת פרה

צו די גראָבנס און צו די טאָלן,
און צו די ווּיסטע חורבות, און צו די פאַרלאָזענע שטעט,
וואָס זײַנען געוואָרן צו רויב און צו שפּאָט
בײַ די איבעריקע פעלקער וואָס פון רונד אַרום–
5 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
פאַרוואָר, אין דעם פײַער פון מײַן צאָרן
האָב איך גערעדט וועגן די איבעריקע פעלקער,
און וועגן אֱדום אין גאַנצן,
וואָס האָבן געמאַכט מײַן לאַנד זיך פאַר אַ ירושה,
מיט שמחה פון גאַנצן האַרצן,
מיט פאַראַכטונג פון דער זעל,
כּדי עס צו פאַרטרײַבן צוליב רויב.
6 דרום זאָג נבֿיאות איבער דער ערד פון ישׂראל,
און זאָלסט זאָגן צו די בערג און צו די הייכן,
צו די גראָבנס און צו די טאָלן:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
זע, אין מײַן כּעס און אין מײַן גרימצאָרן האָב איך גערעדט,
ווײַל די שאַנד פון די פעלקער האָט איר געטראָגן.
7 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
איך הייב אויף מײַן האַנט[א],
אויב די פעלקער וואָס פון רונד אַרום אײַך,
זיי גופא, וועלן ניט טראָגן זייער שאַנד!
8 און איר, בערג פון ישׂראל, וועט געבן אײַערע צווײַגן,
און טראָגן אײַער פרוכט, פאַר מײַן פאָלק ישׂראל;
וואָרום זיי זײַנען נאָענט צו קומען.
9 וואָרום אָט קום איך צו אײַך,
און איך וועל זיך קערן צו אײַך,
און איר וועט באַאַרבעט ווערן, און פאַרזייט ווערן.
10 און איך וועל מערן אויף אײַך מענטשן,
דאָס גאַנצע הויז פון ישׂראל אין גאַנצן;
און די שטעט וועלן באַזעצט ווערן,
און די חורבות וועלן אָפגעבויט ווערן.
11 און איך וועל מערן אויף אײַך מענטשן און בהמות,
און זיי וועלן זיך מערן און פרוכפּערן;
און איך וועל אײַך באַזעצן ווי אין אײַערע פריערדיקע צײַטן,
און וועל אײַך באַגיטיקן מער ווי אין אײַער אָנהייב;
און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה.
12 און איך וועל מאַכן אומגיין אויף אײַך מענטשן,
מײַן פאָלק ישׂראל;
און זיי וועלן דיך אַרבן,
און וועסט זיי זײַן פאַר אַ נחלה,
און וועסט זיי מער ניט ווידער פאַרוואַרפן.
13 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
ווײַל מע זאָגט צו אײַך:
אַ מענטשנעסערין ביסטו,
און אַ פאַרוואָרפערין פון פעלקער ביסטו געוואָרן.
14 דרום וועסטו מענטשן מער ניט עסן,
און דײַנע פעלקער וועסטו מער ניט פאַרוואַרפן,
זאָגט גאָט דער האַר.
15 און איך וועל דיך מער ניט מאַכן הערן
די שאַנד פון די פעלקער,
און די חרפה פון די אומות
וועסטו מער ניט טראָגן,
און דײַנע פעלקער וועסטו מער ניט מאַכן שטרויכלען,
זאָגט גאָט דער האַר.
16 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
17 מענטשנקינד, דאָס הויז פון ישׂראל זיצנדיק אויף זייער ערד,
האָבן זיי זי פאַראומרייניקט מיט זייער וועג
און מיט זייערע מעשׂים;
אַזוי ווי די אומריינקייט פון אַן אָפגעזונדערטער פרוי
איז געווען זייער וועג פאַר מיר.
18 און איך האָב אויסגעגאָסן אויף זיי מײַן גרימצאָרן
פאַר דעם בלוט וואָס זיי האָבן פאַרגאָסן אין לאַנד,
און ווײַל מיט זייערע אָפגעטער האָבן זיי עס פאַראומרייניקט.
19 און איך האָב זיי צעשפּרייט צווישן די פעלקער,
און זיי זײַנען צעוואָרפן געוואָרן אין די לענדער;
לויט זייער וועג און לויט זייערע מעשׂים

[א] איך שווער.

כ שְׁפַטְתִּים׃ וַיָּבוֹא אֶל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר־בָּאוּ שָׁם וַיְחַלְּלוּ אֶת־
שֵׁם קָדְשִׁי בֶּאֱמֹר לָהֶם עַם־יְהוָה אֵלֶּה וּמֵאַרְצוֹ יָצָאוּ׃
כא וָאֶחְמֹל עַל־שֵׁם קָדְשִׁי אֲשֶׁר חִלְּלֻהוּ בֵּית יִשְׂרָאֵל בַּגּוֹיִם
כב אֲשֶׁר־בָּאוּ שָׁמָּה׃ לָכֵן אֱמֹר לְבֵית־יִשְׂרָאֵל כֹּה
אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה לֹא לְמַעַנְכֶם אֲנִי עֹשֶׂה בֵּית יִשְׂרָאֵל כִּי
אִם־לְשֵׁם־קָדְשִׁי אֲשֶׁר חִלַּלְתֶּם בַּגּוֹיִם אֲשֶׁר־בָּאתֶם שָׁם׃
כג וְקִדַּשְׁתִּי אֶת־שְׁמִי הַגָּדוֹל הַמְחֻלָּל בַּגּוֹיִם אֲשֶׁר חִלַּלְתֶּם
בְּתוֹכָם וְיָדְעוּ הַגּוֹיִם כִּי־אֲנִי יְהוָה נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה בְּהִקָּדְשִׁי
כד בָכֶם לְעֵינֵיהֶם׃ וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם מִן־הַגּוֹיִם וְקִבַּצְתִּי אֶתְכֶם
כה מִכָּל־הָאֲרָצוֹת וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל־אַדְמַתְכֶם׃ וְזָרַקְתִּי
עֲלֵיכֶם מַיִם טְהוֹרִים וּטְהַרְתֶּם מִכֹּל טֻמְאוֹתֵיכֶם וּמִכָּל־
כו גִּלּוּלֵיכֶם אֲטַהֵר אֶתְכֶם׃ וְנָתַתִּי לָכֶם לֵב חָדָשׁ וְרוּחַ
חֲדָשָׁה אֶתֵּן בְּקִרְבְּכֶם וַהֲסִרֹתִי אֶת־לֵב הָאֶבֶן מִבְּשַׂרְכֶם
כז וְנָתַתִּי לָכֶם לֵב בָּשָׂר׃ וְאֶת־רוּחִי אֶתֵּן בְּקִרְבְּכֶם וְעָשִׂיתִי
כח אֵת אֲשֶׁר־בְּחֻקַּי תֵּלֵכוּ וּמִשְׁפָּטַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם׃ וִישַׁבְתֶּם
בָּאָרֶץ אֲשֶׁר נָתַתִּי לַאֲבֹתֵיכֶם וִהְיִיתֶם לִי לְעָם וְאָנֹכִי
כט אֶהְיֶה לָכֶם לֵאלֹהִים׃ וְהוֹשַׁעְתִּי אֶתְכֶם מִכֹּל טֻמְאוֹתֵיכֶם
וְקָרָאתִי אֶל־הַדָּגָן וְהִרְבֵּיתִי אֹתוֹ וְלֹא־אֶתֵּן עֲלֵיכֶם רָעָב׃
ל וְהִרְבֵּיתִי אֶת־פְּרִי הָעֵץ וּתְנוּבַת הַשָּׂדֶה לְמַעַן אֲשֶׁר לֹא
לא תִקְחוּ עוֹד חֶרְפַּת רָעָב בַּגּוֹיִם׃ וּזְכַרְתֶּם אֶת־דַּרְכֵיכֶם
הָרָעִים וּמַעַלְלֵיכֶם אֲשֶׁר לֹא־טוֹבִים וּנְקֹטֹתֶם בִּפְנֵיכֶם עַל
לב עֲוֺנֹתֵיכֶם וְעַל תּוֹעֲבוֹתֵיכֶם׃ לֹא לְמַעַנְכֶם אֲנִי־עֹשֶׂה נְאֻם
אֲדֹנָי יֱהוִה יִוָּדַע לָכֶם בּוֹשׁוּ וְהִכָּלְמוּ מִדַּרְכֵיכֶם בֵּית
לג יִשְׂרָאֵל׃ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה בְּיוֹם טַהֲרִי אֶתְכֶם מִכֹּל
לד עֲוֺנוֹתֵיכֶם וְהוֹשַׁבְתִּי אֶת־הֶעָרִים וְנִבְנוּ הֶחֳרָבוֹת׃ וְהָאָרֶץ
הַנְשַׁמָּה תֵּעָבֵד תַּחַת אֲשֶׁר הָיְתָה שְׁמָמָה לְעֵינֵי כָּל־עוֹבֵר׃
לה וְאָמְרוּ הָאָרֶץ הַלֵּזוּ הַנְּשַׁמָּה הָיְתָה כְּגַן־עֵדֶן וְהֶעָרִים הֶחֳרֵבוֹת

כ׳ סבירין ויבאו  כג׳ כה׳ כצ״ל  לה׳ הר׳ בצירי

האָב איך זיי געמשפט.
20 און אַז זיי זיינען געקומען צו די פעלקער
וואָס זיי זיינען געקומען אַהין,
האָבן זיי פאַרשוועכט מיין הייליקן נאָמען,
אַז מע האָט אויף זיי געזאָגט:
דאָס פאָלק פון גאָט זיינען די דאָזיקע,
און פון זיין לאַנד קומען זיי אַרויס.
21 און איך האָב געשוינט מיין הייליקן נאָמען,
וואָס דאָס הויז פון ישראל האָט אים פאַרשוועכט
צווישן די פעלקער וואָס זיי זיינען געקומען אַהין.

22 דרום זאָג צו דעם הויז פון ישראל:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
ניט פון אייערטוועגן טו איך, הויז פון ישראל,
נייערט פאַר מיין הייליקן נאָמען,
וואָס איר האָט פאַרשוועכט צווישן די פעלקער
וואָס איר זייט געקומען אַהין.
23 און איך וועל הייליקן מיין גרויסן נאָמען,
וואָס איז פאַרשוועכט געוואָרן צווישן די פעלקער,
וואָס איר האָט פאַרשוועכט צווישן זיי;
און די פעלקער וועלן וויסן אַז איך בין יהוה,
זאָגט גאָט דער האַר,
ווען איך וועל געהייליקט ווערן דורך אייך פאַר זייערע אויגן.
24 און איך וועל אייך צונויפנעמען פון די פעלקער,
און וועל אייך איינזאַמלען פון אַלע לענדער,
און אייך ברענגען אויף אייער ערד.
25 און איך וועל שפריצן אויף אייך ריינע וואַסער,
און איר וועט ריין ווערן;
פון אַלע אייערע אומריינקייטן און פון אַלע אייערע אָפּגעטער
וועל איך אייך רייניקן.
26 און איך וועל אייך געבן אַ ניי האַרץ,
און אַ ניי געמיט וועל איך אַריינגעבן אין אייך,
און איך וועל אָפּטאָן דאָס האַרץ פון שטיין פון אייער לייב,
און וועל אייך געבן אַ האַרץ פון פלייש.
27 און מיין גייסט וועל איך אַריינגעבן אין אייך,
און וועל מאַכן אַז אין מיינע חוקים זאָלט איר גיין,
און מיינע געזעצן זאָלט איר היטן און טאָן.
28 און איר וועט זיצן אין דעם לאַנד
וואָס איך האָב געגעבן אייערע עלטערן,
און איר וועט מיר זיין צום פאָלק,
און איך וועל אייך זיין צום גאָט.
29 און איך וועל אייך העלפן פון אַלע אייערע אומריינקייטן,
און איך וועל רופן צו דער תבואה, און וועל זי מערן,
און וועל ניט געבן אויף אייך קיין הונגער.
30 און איך וועל מערן די פרוכט פון בוים,
און די וואַקסונג פון פעלד,
כדי איר זאָלט מער ניט אויסשטיין
די חרפה פון הונגער צווישן די פעלקער.
31 און איר וועט זיך דערמאָנען אייערע שלעכטע וועגן,
און אייערע מעשׂים וואָס זיינען ניט גוט געווען,
און איר וועט זיך עקלען פאַר זיך אַליין
איבער אייערע זינד און איבער אייערע אומווערדיקייטן.
32 ניט פון אייערטוועגן טו איך, זאָגט גאָט דער האַר;
זאָל דאָס באַוווּסט זיין צו אייך;
זייט אין בושה און שעמט אייך פאַר אייערע וועגן,
איר הויז פון ישראל.

33 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
אין דעם טאָג וואָס איך רייניק אייך פון אַלע אייערע זינד,
וועל איך באַזעצן די שטעט,
און די חורבות וועלן אָפּגעבויט ווערן.
34 און דאָס פאַרוויסטע לאַנד וועט באַאַרבעט ווערן,
אַנשטאָט וואָס עס איז געווען אַ וויסטעניש
פאַר די אויגן פון איטלעכן דורכגייער.
35 און מע וועט זאָגן:
דאָס דאָזיקע לאַנד דאָס פאַרוויסטע
איז געוואָרן ווי דער גאָרטן פון עדן,

לו וְהַנְשַׁמּוֹת וְהַנֶּהֱרָסוֹת בְּצוּרוֹת יָשָׁבוּ׃ וְיָדְעוּ הַגּוֹיִם אֲשֶׁר
יִשָּׁאֲרוּ סְבִיבוֹתֵיכֶם כִּי ׀ אֲנִי יְהוָה בָּנִיתִי הַנֶּהֱרָסוֹת
לז נָטַעְתִּי הַנְּשַׁמָּה אֲנִי יְהוָה דִּבַּרְתִּי וְעָשִׂיתִי׃ כֹּה
אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה עוֹד זֹאת אִדָּרֵשׁ לְבֵית־יִשְׂרָאֵל לַעֲשׂוֹת
לח לָהֶם אַרְבֶּה אֹתָם כַּצֹּאן אָדָם׃ כְּצֹאן קָדָשִׁים כְּצֹאן
יְרוּשָׁלִַם בְּמוֹעֲדֶיהָ כֵּן תִּהְיֶינָה הֶעָרִים הֶחֳרֵבוֹת מְלֵאוֹת
צֹאן אָדָם וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃

## לז

א הָיְתָה עָלַי יַד־יְהוָה וַיּוֹצִאֵנִי בְרוּחַ יְהוָה וַיְנִיחֵנִי בְּתוֹךְ
ב הַבִּקְעָה וְהִיא מְלֵאָה עֲצָמוֹת׃ וְהֶעֱבִירַנִי עֲלֵיהֶם סָבִיב ׀
סָבִיב וְהִנֵּה רַבּוֹת מְאֹד עַל־פְּנֵי הַבִּקְעָה וְהִנֵּה יְבֵשׁוֹת
ג מְאֹד׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי בֶּן־אָדָם הֲתִחְיֶינָה הָעֲצָמוֹת הָאֵלֶּה
ד וָאֹמַר אֲדֹנָי יְהוִה אַתָּה יָדָעְתָּ׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי הִנָּבֵא עַל־
הָעֲצָמוֹת הָאֵלֶּה וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם הָעֲצָמוֹת הַיְבֵשׁוֹת שִׁמְעוּ
ה דְּבַר־יְהוָה׃ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה לָעֲצָמוֹת הָאֵלֶּה
ו הִנֵּה אֲנִי מֵבִיא בָכֶם רוּחַ וִחְיִיתֶם׃ וְנָתַתִּי עֲלֵיכֶם גִּידִים
וְהַעֲלֵתִי עֲלֵיכֶם בָּשָׂר וְקָרַמְתִּי עֲלֵיכֶם עוֹר וְנָתַתִּי בָכֶם
ז רוּחַ וִחְיִיתֶם וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ וְנִבֵּאתִי כַּאֲשֶׁר צֻוֵּיתִי
וַיְהִי־קוֹל כְּהִנָּבְאִי וְהִנֵּה־רַעַשׁ וַתִּקְרְבוּ עֲצָמוֹת עֶצֶם אֶל־
ח עַצְמוֹ׃ וְרָאִיתִי וְהִנֵּה־עֲלֵיהֶם גִּדִים וּבָשָׂר עָלָה וַיִּקְרַם
ט עֲלֵיהֶם עוֹר מִלְמָעְלָה וְרוּחַ אֵין בָּהֶם׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי הִנָּבֵא
אֶל־הָרוּחַ הִנָּבֵא בֶן־אָדָם וְאָמַרְתָּ אֶל־הָרוּחַ כֹּה־אָמַר ׀
אֲדֹנָי יְהוִה מֵאַרְבַּע רוּחוֹת בֹּאִי הָרוּחַ וּפְחִי בַּהֲרוּגִים
י הָאֵלֶּה וְיִחְיוּ׃ וְהִנַּבֵּאתִי כַּאֲשֶׁר צִוָּנִי וַתָּבוֹא בָהֶם הָרוּחַ
יא וַיִּחְיוּ וַיַּעַמְדוּ עַל־רַגְלֵיהֶם חַיִל גָּדוֹל מְאֹד־מְאֹד׃ וַיֹּאמֶר
אֵלַי בֶּן־אָדָם הָעֲצָמוֹת הָאֵלֶּה כָּל־בֵּית יִשְׂרָאֵל הֵמָּה הִנֵּה
אֹמְרִים יָבְשׁוּ עַצְמוֹתֵינוּ וְאָבְדָה תִקְוָתֵנוּ נִגְזַרְנוּ לָנוּ׃

לו, לו׳ פ״כ לספרדים ומכאן הפטרה לשבת וחול המועד של פסח לקצת קהלות
ותכן מתחלק והיתה עלי לח׳ הרי כבדי עד כאן הפטרת פרשת פרה לאשכנזים

און די שטעט די חָרבע און פֿאַרוויסטע און צעשטערטע
זײַנען באַפֿעסטיקטע באַזעצט.
36 און וויסן וועלן די פֿעלקער
וואָס וועלן איבערבלײַבן רונד אַרום אײַך,
אַז איך יהוה האָב אָפּגעבויט די צעשטערטע ערטער,
האָב באַפֿלאַנצט דאָס פֿאַרוויסטע;
איך יהוה האָב גערעדט און וועל טאָן.
37 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
אויך דערין וועל איך זיך לאָזן דערבעטן
פֿון דעם הויז פֿון ישׂראל, זיי צו טאָן:
איך וועל זיי מערן מענטשן ווי שאָף.
38 ווי די הייליקע שאָף,
ווי די שאָף פֿון ירושָלַיִם אין אירע יָום־טובים,
אַזוי וועלן זײַן די חָרבע שטעט פֿול מיט מענטשנשאָף;
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה.

לז 1 די האַנט פֿון גאָט איז געווען אויף מיר,
און ער האָט מיך אַרויסגעטראָגן מיט דעם גייסט פֿון גאָט,
און האָט מיך אַראָפּגעלאָזט אין מיטן פֿון דעם טאָל,
און ער איז געווען פֿול מיט ביינער.
2 און ער האָט מיך פֿאַרבײַגעפֿירט פֿאַרבײַ זיי רונד אַרום,
ערשט זיי זײַנען געווען זייער פֿיל איבערן טאָל,
און פֿאַרוואָר, זיי זײַנען געווען זייער פֿאַרטריקנט.
3 און ער האָט צו מיר געזאָגט:
מענטשנקינד, קענען דידאָזיקע ביינער לעבעדיק ווערן?
האָב איך געזאָגט: גאָט דו האַר, דו ווייסט דאָך.
4 האָט ער צו מיר געזאָגט: זאָג נביאות צו דידאָזיקע ביינער,
און זאָלסט זאָגן צו זיי:
איר טרוקענע ביינער, הערט דאָס וואָרט פֿון גאָט:
5 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר צו דידאָזיקע ביינער:
זעט, איך ברענג אַרײַן אין אײַך אַן אָטעם,
און איר וועט לעבעדיק ווערן.
6 יאָ, איך וועל געבן אויף אײַך אָדערן,

און וועל אַרויפֿטאָן אויף אײַך פֿלייש,
און אַרויפֿציִען אויף אײַך אַ הויט,
און אַרײַנגעבן אין אײַך אַן אָטעם,
און איר וועט לעבעדיק ווערן;
און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה.

7 און איך האָב נביאות געזאָגט
אַזוי ווי איך בין באַפֿוילן געוואָרן;
און עס איז געוואָרן אַ גערויש,
ווי איך האָב נביאות געזאָגט;
ערשט אַ גערודער,
און די ביינער האָבן גענענט ביין צו זײַן ביין.
8 און איך האָב געזען, ערשט אָדערן זײַנען אויף זיי,
און פֿלייש איז אַרויפֿגעוואַקסן,
און אַ הויט האָט זיך אַריבערגעצויגן אויף זיי פֿון אויבן,
נאָר קיין אָטעם איז אין זיי ניט געווען.
9 האָט ער צו מיר געזאָגט:
זאָג נביאות צו דעם אָטעם,
זאָג נביאות, דו מענטשנקינד,

און זאָלסט זאָגן צו דעם אָטעם:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
פֿון די פֿיר ווינטן קום, דו אָטעם,
און הויך אַרײַן אין דידאָזיקע הרוגים,
אַז זיי זאָלן לעבעדיק ווערן.

10 און איך האָב נביאות געזאָגט
אַזוי ווי ער האָט מיר באַפֿוילן,
און דער אָטעם איז אין זיי אַרײַן,
און זיי זײַנען לעבעדיק געוואָרן;
און זיי האָבן זיך געשטעלט אויף זייערע פֿיס,
אַ זייער זייער גרויסע מחנה.
11 און ער האָט צו מיר געזאָגט:
מענטשנקינד, דידאָזיקע ביינער, זיי זײַנען
דאָס גאַנצע הויז פֿון ישׂראל;
זע, זיי זאָגן:
פֿאַרטריקנט זײַנען אונדזערע ביינער,
און פֿאַרלאָרן איז אונדזער האָפֿונג;
פֿאַרשניטן זײַנען מיר.

יב לכן הנבא ואמרת אליהם כה־אמר אדני יהוה הנה
אני פתח את־קברותיכם והעליתי אתכם מקברותיכם
יג עמי והבאתי אתכם אל־אדמת ישראל: וידעתם כי־אני
יהוה בפתחי את־קברותיכם ובהעלותי אתכם
יד מקברותיכם עמי: ונתתי רוחי בכם וחייתם והנחתי
אתכם על־אדמתכם וידעתם כי אני יהוה דברתי ועשיתי
טו טז נאם־יהוה: ויהי דבר־יהוה אלי לאמר: ואתה
בן־אדם קח־לך עץ אחד וכתב עליו ליהודה ולבני
ישראל חברו ולקח עץ אחד וכתוב עליו ליוסף עץ
יז אפרים וכל־בית ישראל חברו: וקרב אתם אחד אל־
יח אחד לך לעץ אחד והיו לאחדים בידך: וכאשר יאמרו
אליך בני עמך לאמר הלוא־תגיד לנו מה־אלה לך:
יט דבר אליהם כה־אמר אדני יהוה הנה אני לקח את־עץ
יוסף אשר ביד־אפרים ושבטי ישראל חברו ונתתי אותם
עליו את־עץ יהודה ועשיתם לעץ אחד והיו אחד בידי:
כ כא והיו העצים אשר תכתב עליהם בידך לעיניהם: ודבר
אליהם כה־אמר אדני יהוה הנה אני לקח את־בני
ישראל מבין הגוים אשר הלכו־שם וקבצתי אתם
כב מסביב והבאתי אותם אל־אדמתם: ועשיתי אתם לגוי
אחד בארץ בהרי ישראל ומלך אחד יהיה לכלם למלך
ולא יהיה־עוד לשני גוים ולא יחצו עוד לשתי ממלכות
כג עוד: ולא יטמאו עוד בגלוליהם ובשקוציהם ובכל
פשעיהם והושעתי אתם מכל מושבתיהם אשר חטאו
בהם וטהרתי אותם והיו־לי לעם ואני אהיה להם
כד לאלהים: ועבדי דוד מלך עליהם ורועה אחד יהיה
כה לכלם ובמשפטי ילכו וחקותי ישמרו ועשו אותם: וישבו
על־הארץ אשר נתתי לעבדי ליעקב אשר ישבו־בה

יד׳ עד כאן   טו׳ הפטרת ויגש   טז׳ יט׳ חסית ק   כב׳ יהיו קרי

[12] דרום זאָג נביאות, און זאָלסט זאָגן צו זיי:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
זע, איך עפן אַייערע קברים,
און וועל אַייך, מיין פאָלק, אויפברענגען פון אַייערע קברים.
און אַייך ברענגען אויף דער ערד פון ישׂראל.
[13] און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה,
ווען איך עפן אַייערע קברים,
און ווען איך ברענג אַייך אויף, מיין פאָלק, פון אַייערע קברים,
[14] און איך וועל אַריינגעבן מיין גייסט אין אַייך,
און איר וועט לעבעדיק ווערן;
און איך וועל אַייך באַרועןן אויף אַייער ערד;
און איר וועט וויסן אַז איך יהוה
האָב גערעדט און געטאָן, זאָגט יהוה.

[15] און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן: [16] און דו מענטשנקינד, נעם דיר איין האָלץ, און שרייב אָן אויף אים: פאַר יהודה, און פאַר די קינדער פון ישׂראל זיינע חברים; און נעם דיר איין האָלץ, און שרייב אָן אויף אים: פאַר יוסף—דער האָלץ פון אפרים, און פון דעם גאַנצן הויז פון ישׂראל זיינע חברים; [17] און גענען זיי דיר איינעם צום אַנדערן אין איין האָלץ, אַז זיי זאָלן ווערן איינס אין דיין האַנט. [18] און אַז די קינדער פון דיין פאָלק וועלן זאָגן צו דיר, אַזוי צו זאָגן: ווילסטו אונדז ניט זאָגן וואָס דידאָזיקע זיינען דיר? [19] רעד צו זיי: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: זעט, איך נעם דעם האָלץ פון יוסף וואָס אין דער האַנט פון אפרים, און די שבטים פון ישׂראל זיינע חברים, און איך וועל זיי צוטאָן צו אים אין איינעם מיט דעם האָלץ פון יהודה, און איך וועל זיי מאַכן פאַר איין האָלץ, און זיי וועלן ווערן איינער אין מיין האַנט. [20] און די העלצער וואָס דו וועסט אויף זיי שרייבן, זאָלן זיין אין דיין האַנט פאַר זייערע אויגן. [21] און רעד צו זיי:

אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
זע, איך נעם צונויף די קינדער פון ישׂראל
פון צווישן די פעלקער, וואָס זיי זיינען אַוועק אַהין,
און איך וועל זיי אַיינזאַמלען פון רונד אַרום,
און וועל זיי ברענגען אויף זייער ערד.
[22] און איך וועל זיי מאַכן פאַר איין פאָלק אין לאַנד,
אויף די בערג פון ישׂראל,
און איין מלך וועט זיין ביי זיי אַלעמען צום מלך;
און זיי וועלן מער ניט זיין אין צוויי פעלקער,
און וועלן מער ניט צעטיילט ווערן ווידער אין צוויי מלוכות.
[23] און זיי וועלן זיך מער ניט פאַראומרייניקן
מיט זייערע אָפּגעטער, און מיט זייערע אומווערדיקייטן,
און מיט אַלע זייערע פאַרברעכן;
און איך וועל זיי העלפן פון אַלע זייערע ווינערטער
וואָס זיי האָבן געזינדיקט אין זיי,
און איך וועל זיי רייניקן;
און זיי וועלן מיר זיין צום פאָלק,
און איך וועל זיי זיין צום גאָט.
[24] און מיין קנעכט דוד וועט זיין אַ מלך איבער זיי,
און איין פאַסטוך וועט זיין ביי זיי אַלעמען;
און אין מיינע געזעצן וועלן זיי גיין,
און מיינע חוקים וועלן זיי היטן און זיי טאָן.
[25] און זיי וועלן זיצן אויף דעם לאַנד
וואָס איך האָב געגעבן צו מיין קנעכט, צו יעקבן,
וואָס אַייערע עלטערן זיינען געזעסן דערין;

אֲבוֹתֵיכֶם וְיָשְׁבוּ עָלֶיהָ הֵמָּה וּבְנֵיהֶם וּבְנֵי בְנֵיהֶם עַד־
עוֹלָם וְדָוִד עַבְדִּי נָשִׂיא לָהֶם לְעוֹלָם׃ וְכָרַתִּי לָהֶם בְּרִית כו
שָׁלוֹם בְּרִית עוֹלָם יִהְיֶה אוֹתָם וּנְתַתִּים וְהִרְבֵּיתִי אוֹתָם
וְנָתַתִּי אֶת־מִקְדָּשִׁי בְּתוֹכָם לְעוֹלָם׃ וְהָיָה מִשְׁכָּנִי עֲלֵיהֶם כז
וְהָיִיתִי לָהֶם לֵאלֹהִים וְהֵמָּה יִהְיוּ־לִי לְעָם׃ וְיָדְעוּ הַגּוֹיִם כח
כִּי אֲנִי יְהוָה מְקַדֵּשׁ אֶת־יִשְׂרָאֵל בִּהְיוֹת מִקְדָּשִׁי בְּתוֹכָם
לְעוֹלָם׃

לח

וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם שִׂים פָּנֶיךָ אֶל־גּוֹג א ב
אֶרֶץ הַמָּגוֹג נְשִׂיא רֹאשׁ מֶשֶׁךְ וְתֻבָל וְהִנָּבֵא עָלָיו׃ וְאָמַרְתָּ ג
כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה הִנְנִי אֵלֶיךָ גּוֹג נְשִׂיא רֹאשׁ מֶשֶׁךְ
וְתֻבָל׃ וְשׁוֹבַבְתִּיךָ וְנָתַתִּי חַחִים בִּלְחָיֶיךָ וְהוֹצֵאתִי אוֹתְךָ ד
וְאֶת־כָּל־חֵילֶךָ סוּסִים וּפָרָשִׁים לְבֻשֵׁי מִכְלוֹל כֻּלָּם קָהָל
רָב צִנָּה וּמָגֵן תֹּפְשֵׂי חֲרָבוֹת כֻּלָּם׃ פָּרַס כּוּשׁ וּפוּט ה
אִתָּם כֻּלָּם מָגֵן וְכוֹבָע׃ גֹּמֶר וְכָל־אֲגַפֶּיהָ בֵּית תּוֹגַרְמָה ו
יַרְכְּתֵי צָפוֹן וְאֶת־כָּל־אֲגַפָּיו עַמִּים רַבִּים אִתָּךְ׃ הִכֹּן ז
וְהָכֵן לְךָ אַתָּה וְכָל־קְהָלֶךָ הַנִּקְהָלִים עָלֶיךָ וְהָיִיתָ לָהֶם
לְמִשְׁמָר׃ מִיָּמִים רַבִּים תִּפָּקֵד בְּאַחֲרִית הַשָּׁנִים תָּבוֹא ׀ ח
אֶל־אֶרֶץ ׀ מְשׁוֹבֶבֶת מֵחֶרֶב מְקֻבֶּצֶת מֵעַמִּים רַבִּים עַל
הָרֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־הָיוּ לְחָרְבָּה תָּמִיד וְהִיא מֵעַמִּים
הוּצָאָה וְיָשְׁבוּ לָבֶטַח כֻּלָּם׃ וְעָלִיתָ כַּשֹּׁאָה תָבוֹא כֶּעָנָן ט
לְכַסּוֹת הָאָרֶץ תִּהְיֶה אַתָּה וְכָל־אֲגַפֶּיךָ וְעַמִּים רַבִּים אוֹתָךְ׃
כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא יַעֲלוּ י
דְבָרִים עַל־לְבָבֶךָ וְחָשַׁבְתָּ מַחֲשֶׁבֶת רָעָה׃ וְאָמַרְתָּ אֶעֱלֶה יא
עַל־אֶרֶץ פְּרָזוֹת אָבוֹא הַשֹּׁקְטִים יֹשְׁבֵי לָבֶטַח כֻּלָּם יֹשְׁבִים
בְּאֵין חוֹמָה וּבְרִיחַ וּדְלָתַיִם אֵין לָהֶם׃ לִשְׁלֹל שָׁלָל וְלָבֹז יב
בַּז לְהָשִׁיב יָדְךָ עַל־חֳרָבוֹת נוֹשָׁבֹת וְאֶל־עַם מְאֻסָּף מִגּוֹיִם

לז, כח׳ עד סק   לח, ז׳ ס״א קהלך

אוּן זיי וועלן זיצן דערויף,
זיי, אוּן זייערע קינדער, אוּן זייערע קינדסקינדער ביז אייביק;
אוּן מיין קנעכט דוד וועט זיי זיין אַ פירשט אויף אייביק.
26 אוּן איך וועל זיי שליסן אַ בונד פוּן שלום–
אַן אייביקער בונד וועט עס זיין מיט זיי;
אוּן איך וועל זיי באַזעצן, אוּן זיי מערן,
אוּן וועל מאַכן מיין הייליקטום צווישן זיי אויף אייביק.
27 אוּן מיין רואונג וועט זיין איבער זיי;
אוּן איך וועל זיי זיין צום גאָט,
אוּן זיי וועלן מיר זיין צום פֿאָלק.
28 אוּן די פעלקער וועלן וויסן אַז איך יהוה הייליק ישׂראל,
ווען מיין הייליקטום וועט זיין צווישן זיי אויף אייביק.

# לח

1 אוּן דאָס וואָרט פוּן גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
2 מענטשנקינד, טו דיין פּנים צו גוֹגן אין לאַנד מָגוֹג,
דעם אויבערפירשט פוּן מֶשֶך אוּן תּוּבַל,
אוּן זאָג נביאות אויף אים;
3 אוּן זאָלסט זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
זע, איך קום צו דיר, גוֹג,
דו אויבערפירשט פוּן מֶשֶך אוּן תּוּבַל.
4 אוּן איך וועל דיך פֿאַרנאַרן,
אוּן וועל אַריינטאָן רינגען אין דיינע קינבאַקן,
אוּן וועל דיך אַרויסציען מיט דיין גאַנצן חיל,
פערד אוּן רייטער, פּראַכטיק אָנגעטאָן אַלע,
אַ גרויס געזעמל, מיט פּאַנצערס אוּן שילדן,
וואָס האַלטן שווערדן אַלע.
5 פָּרַס, כּוש, אוּן פּוּט מיט זיי,
אַלע מיט שילדן אוּן קיווערס.
6 גוֹמֶר, אוּן אַלע אירע מחנות,
דאָס הויז פוּן תּוֹגַרְמָה,
די עקן פוּן צפון, אוּן אַלע זייערע מחנות–
פיל פעלקער מיט דיר.
7 ברייט דיך אָן אוּן זיי אָנגעברייט,
דו אוּן אַלע דיינע געזעמלען
וואָס זיינען איינגעזאַמלט אַרום דיר,
אוּן זיי ביי זיי אָפּגעהיט.
8 אין פיל טעג אַרום וועסטו באַפוילן ווערן,
אין סוף פוּן די יאָרן וועסטו קומען אויף אַ לאַנד
וואָס איז אומגעקערט פוּן שווערד,
וואָס איז איינגעזאַמלט פוּן פיל פעלקער–
אויף די בערג פוּן ישׂראל,
וואָס זיינען געווען אַ שטענדיקע וויסטעניש;
אָבער עס איז אַרויסגעצויגן געוואָרן פוּן די פעלקער,
אוּן זיי זיצן אין זיכערקייט אַלע.
9 אוּן וועסט אַרויפגיין ווי עס קומט אַ געוויטער,
ווי אַ וואָלקן צו באַדעקן די ערד וועסטו זיין,
דו אוּן אַלע דיינע מחנות, אוּן פיל פעלקער מיט דיר.
10 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
אוּן עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועלן דיר אַרויפקומען זאַכן אויפן האַרצן,
אוּן וועסט טראַכטן אַ בייזע טראַכטונג.
11 אוּן וועסט זאָגן:
איך וועל אַרויפגיין אויף דעם לאַנד פוּן אָפענע שטעט,
איך וועל קומען אויף די רואיקע וואָס זיצן אין זיכערקייט,
וואָס זיצן אַלע אָן אַ מויער,
אוּן ניטאָ ביי זיי ריגל אוּן טויערן;
12 צו רויבן זאַקרויב, אוּן צו ראַבעווען רויב,
צו לייגן דיין האַנט אויף חורבות באַזעצטע,
אוּן אויף אַ פֿאָלק איינגעזאַמלט פוּן פיל פעלקער,

יג עֹשֶׂה מִקְנֶה וְקִנְיָן יֹשְׁבֵי עַל־טַבּוּר הָאָרֶץ׃ שְׁבָא וּדְדָן
וְסֹחֲרֵי תַרְשִׁישׁ וְכָל־כְּפִרֶיהָ יֹאמְרוּ לְךָ הֲלִשְׁלֹל שָׁלָל
אַתָּה בָא הֲלָבֹז בַּז הִקְהַלְתָּ קְהָלֶךָ לָשֵׂאת ׀ כֶּסֶף וְזָהָב
יד לָקַחַת מִקְנֶה וְקִנְיָן לִשְׁלֹל שָׁלָל גָּדוֹל׃ לָכֵן הִנָּבֵא בֶן
אָדָם וְאָמַרְתָּ לְגוֹג כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה הֲלוֹא ׀ בַּיּוֹם
טו הַהוּא בְּשֶׁבֶת עַמִּי יִשְׂרָאֵל לָבֶטַח תֵּדָע׃ וּבָאתָ מִמְּקוֹמְךָ
מִיַּרְכְּתֵי צָפוֹן אַתָּה וְעַמִּים רַבִּים אִתָּךְ רֹכְבֵי סוּסִים כֻּלָּם
טז קָהָל גָּדוֹל וְחַיִל רָב׃ וְעָלִיתָ עַל־עַמִּי יִשְׂרָאֵל כֶּעָנָן לְכַסּוֹת
הָאָרֶץ בְּאַחֲרִית הַיָּמִים תִּהְיֶה וַהֲבִאוֹתִיךָ עַל־אַרְצִי לְמַעַן
יז דַּעַת הַגּוֹיִם אֹתִי בְּהִקָּדְשִׁי בְךָ לְעֵינֵיהֶם גּוֹג׃ כֹּה־
אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה הַאַתָּה־הוּא אֲשֶׁר־דִּבַּרְתִּי בְּיָמִים קַדְמוֹנִים
בְּיַד עֲבָדַי נְבִיאֵי יִשְׂרָאֵל הַנִּבְּאִים בַּיָּמִים הָהֵם שָׁנִים לְהָבִיא
יח אֹתְךָ עֲלֵיהֶם׃ וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא בְּיוֹם בּוֹא גוֹג עַל
אַדְמַת יִשְׂרָאֵל נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה תַּעֲלֶה חֲמָתִי בְּאַפִּי׃
יט וּבְקִנְאָתִי בְאֵשׁ־עֶבְרָתִי דִּבַּרְתִּי אִם־לֹא ׀ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה
כ רַעַשׁ גָּדוֹל עַל אַדְמַת יִשְׂרָאֵל׃ וְרָעֲשׁוּ מִפָּנַי דְּגֵי הַיָּם וְעוֹף
הַשָּׁמַיִם וְחַיַּת הַשָּׂדֶה וְכָל־הָרֶמֶשׂ הָרֹמֵשׂ עַל־הָאֲדָמָה וְכֹל
הָאָדָם אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה וְנֶהֶרְסוּ הֶהָרִים וְנָפְלוּ
כא הַמַּדְרֵגוֹת וְכָל־חוֹמָה לָאָרֶץ תִּפּוֹל׃ וְקָרָאתִי עָלָיו לְכָל־
הָרַי חֶרֶב נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה חֶרֶב אִישׁ בְּאָחִיו תִּהְיֶה׃
כב וְנִשְׁפַּטְתִּי אִתּוֹ בְּדֶבֶר וּבְדָם וְגֶשֶׁם שׁוֹטֵף וְאַבְנֵי אֶלְגָּבִישׁ
אֵשׁ וְגָפְרִית אַמְטִיר עָלָיו וְעַל־אֲגַפָּיו וְעַל־עַמִּים רַבִּים אֲשֶׁר
כג אִתּוֹ׃ וְהִתְגַּדִּלְתִּי וְהִתְקַדִּשְׁתִּי וְנוֹדַעְתִּי לְעֵינֵי גּוֹיִם רַבִּים
וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃

## לט

א וְאַתָּה בֶן־אָדָם הִנָּבֵא עַל־גּוֹג וְאָמַרְתָּ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה
ב הִנְנִי אֵלֶיךָ גּוֹג נְשִׂיא רֹאשׁ מֶשֶׁךְ וְתֻבָל׃ וְשֹׁבַבְתִּיךָ

לח, יג׳ ס״א קליך  יח׳ הפטרת שבת וחול המועד של סכות

וואָס האָט אָנגעשאַפט פי און פאַרמעג–
די וואָס זיצן אויפן נאַפּל פון דער ערד.
13 שבאָ, און דדָן, און די סָוחרים פון תּרשיש,
און אַלע אירע יונגלייבן, וועלן זאָגן צו דיר:
קומסטו זאַקריב צו רויבן?
האָסטו איינגעזאַמלט דיין געזעמל רויב צו ראַבעווען?
זילבער און גאָלד אַוועקצוטראָגן?
פי און פאַרמעג אַוועקצונעמען?
פיל זאַקרויב צו רויבן?

14 דרום זאָג נביאות, דו מענטשנקינד,
און זאָלסט זאָגן צו גוֹגן:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
פאַרוואָר, אין יענעם טאָג
וואָס מיין פאָלק ישראל זיצט אין זיכערקייט,
וועסטו זיך דערוויסן.
15 און וועסט קומען פון דיין אָרט,
פון די עקן פון צפון,
דו, און פיל פעלקער מיט דיר,
רייטער אויף פערד אַלע,
אַ גרויס געזעמל, און חיל אַ סך.
16 און וועסט אַרויפגיין אויף מיין פאָלק ישראל
ווי אַ וואָלקן צו באַדעקן די ערד–
אין סוף פון די טעג וועט דאָס זיין–
און איך וועל דיך ברענגען אויף מיין לאַנד,
כּדי די אומות זאָלן מיך דערקענען,
ווען איך ווער געהייליקט דורך דיר, גוֹג,
פאַר זייערע אויגן.

17 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
דו ביסט דאָך דער וואָס איך האָב אָנגעזאָגט
אין פריערדיקע טעג דורך מיינע קנעכט
די נביאים פון ישראל,
וואָס האָבן נביאות געזאָגט אין יענע טעג
יאָרן נאָכאַנאַנד,
אַז איך וועל דיך ברענגען אויף זיי.
18 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
אין דעם טאָג וואָס גוֹג קומט אויף דער ערד פון
ישראל,
זאָגט גאָט דער האַר,
וועט אויפגיין מיין גרימצאָרן אין מיין נאָז.
19 און אין מיין פאַרדראָס,
אין דעם פייער פון מיין צאָרן האָב איך גערעדט:
אויב אין יענעם טאָג וועט ניט זיין
אַ גרויסע ציטערניש אויף דער ערד פון ישראל!
20 און ציטערן וועלן פאַר מיר די פישן פון ים,
און דער פויגל פון הימל,
און די חיה פון פעלד,
און יעטוועדער שרץ וואָס קריכט אויף דער ערד,
און יעטוועדער מענטש וואָס אויפן געזיכט פון דער
ערד;
און צעשטערט ווערן וועלן די בערג,
און איינפאַלן וועלן די פעלזטרעפּ,
און יעטוועדער מויער וועט צו דער ערד פאַלן.
21 און איך וועל רופן קעגן אים אויף אַלע מיינע
בערג אַ שווערד,
זאָגט גאָט דער האַר;
איינעמס שווערד וועט זיין קעגן אַנדערן.
22 און איך וועל זיך משפּטן מיט אים,
מיט פּעסט און מיט בלוט;
און אַ פלייציקן רעגן, און האָגלשטיינער, פייער, און
שוועבל,
וועל איך מאַכן רעגענען אויף אים און אויף זיינע מחנות,
און אויף די פיל פעלקער וואָס מיט אים.
23 און איך וועל געגרייסט ווערן און געהייליקט ווערן,
און איך וועל זיך לאָזן דערקענען פאַר די אויגן פון פיל
אומות,
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה.

## לט

1 און דו מענטשנקינד, זאָג נביאות אויף גוֹגן,
און זאָלסט זאָגן:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
זע, איך קום צו דיר, גוֹג,
דו אויבערפירשט פון מֶשך און תּובַל.
2 און איך וועל דיך פאַרנאַרן, און דיך פירן,

וְשִׁשֵּׁאתִיךָ וְהַעֲלִיתִיךָ מִיַּרְכְּתֵי צָפוֹן וַהֲבֵאוֹתִךָ עַל־הָרֵי
ג יִשְׂרָאֵל׃ וְהִכֵּיתִי קַשְׁתְּךָ מִיַּד שְׂמֹאולֶךָ וְחִצֶּיךָ מִיַּד יְמִינְךָ
ד אַפִּיל׃ עַל־הָרֵי יִשְׂרָאֵל תִּפּוֹל אַתָּה וְכָל־אֲגַפֶּיךָ וְעַמִּים
אֲשֶׁר אִתָּךְ לְעֵיט צִפּוֹר כָּל־כָּנָף וְחַיַּת הַשָּׂדֶה נְתַתִּיךָ
ה לְאָכְלָה׃ עַל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה תִּפּוֹל כִּי אֲנִי דִבַּרְתִּי נְאֻם אֲדֹנָי
ו יְהוִה׃ וְשִׁלַּחְתִּי־אֵשׁ בְּמָגוֹג וּבְיֹשְׁבֵי הָאִיִּים לָבֶטַח וְיָדְעוּ
ז כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ וְאֶת־שֵׁם קָדְשִׁי אוֹדִיעַ בְּתוֹךְ עַמִּי יִשְׂרָאֵל
וְלֹא־אַחֵל אֶת־שֵׁם־קָדְשִׁי עוֹד וְיָדְעוּ הַגּוֹיִם כִּי־אֲנִי יְהוָה
ח קָדוֹשׁ בְּיִשְׂרָאֵל׃ הִנֵּה בָאָה וְנִהְיָתָה נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה
ט הוּא הַיּוֹם אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי׃ וְיָצְאוּ יֹשְׁבֵי ׀ עָרֵי יִשְׂרָאֵל וּבִעֲרוּ
וְהִשִּׂיקוּ בְּנֶשֶׁק וּמָגֵן וְצִנָּה בְּקֶשֶׁת וּבְחִצִּים וּבְמַקֵּל יָד
י וּבְרֹמַח וּבִעֲרוּ בָהֶם אֵשׁ שֶׁבַע שָׁנִים׃ וְלֹא־יִשְׂאוּ עֵצִים מִן
הַשָּׂדֶה וְלֹא יַחְטְבוּ מִן־הַיְּעָרִים כִּי בַנֶּשֶׁק יְבַעֲרוּ־אֵשׁ
וְשָׁלְלוּ אֶת־שֹׁלְלֵיהֶם וּבָזְזוּ אֶת־בֹּזְזֵיהֶם נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה׃
יא וְהָיָה בַיּוֹם הַהוּא אֶתֵּן לְגוֹג ׀ מְקוֹם־שָׁם קֶבֶר בְּיִשְׂרָאֵל
גֵּי הָעֹבְרִים קִדְמַת הַיָּם וְחֹסֶמֶת הִיא אֶת־הָעֹבְרִים וְקָבְרוּ
יב שָׁם אֶת־גּוֹג וְאֶת־כָּל־הֲמוֹנֹה וְקָרְאוּ גֵּיא הֲמוֹן גּוֹג׃ וּקְבָרוּם
בֵּית יִשְׂרָאֵל לְמַעַן טַהֵר אֶת־הָאָרֶץ שִׁבְעָה חֳדָשִׁים׃
יג וְקָבְרוּ כָּל־עַם הָאָרֶץ וְהָיָה לָהֶם לְשֵׁם יוֹם הִכָּבְדִי נְאֻם
יד אֲדֹנָי יְהוִה׃ וְאַנְשֵׁי תָמִיד יַבְדִּילוּ עֹבְרִים בָּאָרֶץ מְקַבְּרִים
אֶת־הָעֹבְרִים אֶת־הַנּוֹתָרִים עַל־פְּנֵי הָאָרֶץ לְטַהֲרָהּ מִקְצֵה
טו שִׁבְעָה־חֳדָשִׁים יַחְקֹרוּ׃ וְעָבְרוּ הָעֹבְרִים בָּאָרֶץ וְרָאָה
עֶצֶם אָדָם וּבָנָה אֶצְלוֹ צִיּוּן עַד קָבְרוּ אֹתוֹ הַמְקַבְּרִים
טז אֶל־גֵּיא הֲמוֹן גּוֹג׃ וְגַם שֶׁם־עִיר הֲמוֹנָה וְטִהֲרוּ הָאָרֶץ׃ ·
יז וְאַתָּה בֶן־אָדָם כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי יְהוִה אֱמֹר לְצִפּוֹר כָּל־
כָּנָף וּלְכֹל ׀ חַיַּת הַשָּׂדֶה הִקָּבְצוּ וָבֹאוּ הֵאָסְפוּ מִסָּבִיב עַל־
זִבְחִי אֲשֶׁר אֲנִי זֹבֵחַ לָכֶם זֶבַח גָּדוֹל עַל הָרֵי יִשְׂרָאֵל

ב׳ א׳ סה   ג׳ מלא וא״ו   ח׳ קמץ מ״ק   טו׳ פ״ס

און וועל דיך אויפברענגען פון די עקן פון צפון,
און דיך ברענגען אויף די בערג פון ישׂראל.
3 און איך וועל אַרויסשלאָגן דיין בויגן פון דיין לינקער האַנט,
און דיינע פיילן וועל איך פון דיין רעכטער האַנט מאַכן אַרויספאַלן.
4 אויף די בערג פון ישׂראל וועסטו פאַלן,
דו, און אַלע דיינע מחנות,
און די פעלקער וואָס מיט דיר;
פאַר אַלערליי געפליגלטע רויבפויגלען
און די חיות פון פעלד,
האָב איך דיך געגעבן צו שפּייז.
5 אויפן פרייען פעלד וועסטו פאַלן,
וואָרום איך האָב גערעדט, זאָגט גאָט דער האַר.
6 און איך וועל אָנשיקן אַ פייער אויף מָגוֹג,
און אויף די וואָס זיצן אויף די אינדזלען אין זיכערקייט;
און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה.
7 און מיין הייליקן נאָמען
וועל איך באַוווסט מאַכן צווישן מיין פאָלק ישׂראל,
און איך וועל מער ניט לאָזן פאַרשוועכט ווערן
מיין הייליקן נאָמען;
און די פעלקער וועלן וויסן
אַז איך יהוה בין הייליק אין ישׂראל.
8 זע, עס קומט, און עס געשעט, זאָגט גאָט דער האַר;
דאָס איז דער טאָג וואָס איך האָב אָנגעזאָגט.
9 און די באַוווינער פון די שטעט פון ישׂראל וועלן אַרויסגיין,
און וועלן ברענען און הייצן
מיט וואַפן און שילדן און פאַנצערס,
מיט בויגנס און מיט פיילן,
און מיט האַנטשטעקנס און מיט שפּיזן,
און זיי וועלן ברענען פייער דערמיט זיבן יאָר.
10 און זיי וועלן ניט נעמען האָלץ פון פעלד,
און ניט האַקן פון די וועלדער,
נייערט מיטן וואָפן וועלן זיי ברענען פייער;
און זיי וועלן באַראַבעווען זייערע באַראַבעווער,
און באַרויבן זייערע רויבער,
זאָגט גאָט דער האַר.

11 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג, וועל איך געבן גוֹגן אַן אָרט פאַר אַ קבר אין ישׂראל, דעם טאָל פון די דורכגייער צום מזרח פון ים; און עס וועט פאַרשפּאַרן די דורכגייער דעם וועג; און מע וועט דאָרטן באַגראָבן גוֹגן און זיין גאַנצן המוֹן, און מע וועט עס רופן גֵי־הַמוֹן־גוֹג.[א] 12 און דאָס הויז פון ישׂראל וועט זיי באַגראָבן זיבן חדשים נאָכאַנאַנד, כּדי צו רייניקן דאָס לאַנד. 13 און דאָס גאַנצע פאָלק פון לאַנד וועט זיי באַגראָבן; און זיי וועט זיין פאַר אַ שם דער טאָג וואָס איך ווער געערלעכט, זאָגט גאָט דער האַר. 14 און שטענדיקע לייט וועט מען אָפּשיידן וואָס וועלן דורכגיין דורכן לאַנד, צו באַגראָבן מיט די דורכגייער די וואָס זיינען געבליבן אויפן געזיכט פון לאַנד, כּדי עס צו רייניקן–צום סוף פון זיבן חדשים וועלן זיי עס דורכזוכן. 15 און אַז די דורכגייער וועלן דורכגיין דורכן לאַנד, און עמיצער וועט דערזען אַ ביין פון אַ מענטשן, וועט ער אויפשטעלן דערביי אַ צייכן, ביז די באַגראָבער וועלן אים באַגראָבן אין גֵי־הַמוֹן־גוֹג. 16 און הַמוֹנָה[ב] וועט אויך זיין דער נאָמען פון אַ שטאָט. אַזוי וועלן זיי רייניקן דאָס לאַנד.

17 און דו מענטשנקינד, אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
זאָג צו אַלערליי געפליגלטע פויגלען,
און צו אַלע חיות פון פעלד:
זאַמלט אייך איין, און קומט;
קלייבט אייך אויף פון רונד אַרום
צו מיין שלאַכטונג וואָס איך שלאַכט פאַר אייך,
אַ גרויסע שלאַכטונג אויף די בערג פון ישׂראל,

[א] דער טאָל פון גוֹגס המוֹן אָדער מאַסע.
[ב] המון, מאַסע.

אונ איר וועט עסן פלייש, און טרינקען בלוט.
[18] פלייש פון גיבורים וועט איר עסן,
און בלוט פון פירשטן פון דער ערד וועט איר טרינקען;
ווידערס, לעמער, און בעק,
אָקסן, געשטאָפּטע פון בָּשָׁן אַלע.
[19] און איר וועט עסן פעטס צו זאַט,
און וועט טרינקען בלוט צום שיכור ווערן,
פון מיין שלאַכטונג וואָס איך האָב געשלאַכט פאַר אַייך.
[20] און איר וועט זיך זעטן ביי מיין טיש מיט פערד און רייטער,
מיט גיבורים און אַלערליי מלחמה־לייט,
זאָגט גאָט דער האַר.
[21] און איך וועל געבן מיין כבוד צווישן די פעלקער,
און אַלע פעלקער וועלן זען מיין משפּט וואָס איך האָב געטאָן,
און מיין האַנט וואָס איך האָב אַרויפגעטאָן אויף זיי.
[22] און דאָס הויז פון ישׂראל וועט וויסן
פון יענעם טאָג אָן און ווייטער,
אַז איך בין יהוה זייער גאָט.
[23] און די פעלקער וועלן וויסן,
אַז דורך זייערע זינד איז אין גלות אַוועק דאָס הויז פון ישׂראל,
פאַרוואָס זיי האָבן געפעלשט אָן מיר,
און איך האָב פאַרבאָרגן מיין פּנים פון זיי;
און איך האָב זיי געגעבן אין דער האַנט פון זייערע פיינט,
און זיי זיינען געפאַלן דורכן שווערד אַלע.
[24] לויט זייער אומריינקייט און לויט זייערע פאַרברעכן האָב איך געטאָן מיט זיי,
און פאַרבאָרגן מיין פּנים פון זיי.
[25] פאַרוואָר, אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
אַצונד וועל איך אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון יעקב,
און וועל דערבאַרימען דאָס גאַנצע הויז פון ישׂראל;
און איך וועל זיך אָננעמען פאַר מיין הייליקן נאָמען.
[26] און זיי וועלן טראָגן זייער שאַנד,
און זייער גאַנצע פעלשונג וואָס זיי האָבן געפעלשט אָן מיר,
ווען זיי זיצן אויף זייער ערד אין זיכערקייט,
און קיינער שרעקט זיי ניט;
[27] ווען איך קער זיי צוריק פון די פעלקער,
און וועל זיי אַיינזאַמלען פון די לענדער פון זייערע פיינט,

וַאֲכַלְתֶּם בָּשָׂר וּשְׁתִיתֶם דָּם׃ בְּשַׂר גִּבּוֹרִים תֹּאכֵלוּ וְדַם־
נְשִׂיאֵי הָאָרֶץ תִּשְׁתּוּ אֵילִים כָּרִים וְעַתּוּדִים פָּרִים מְרִיאֵי
יט בָשָׁן כֻּלָּם׃ וַאֲכַלְתֶּם־חֵלֶב לְשָׂבְעָה וּשְׁתִיתֶם דָּם לְשִׁכָּרוֹן
כ מִזִּבְחִי אֲשֶׁר־זָבַחְתִּי לָכֶם׃ וּשְׂבַעְתֶּם עַל־שֻׁלְחָנִי סוּס
כא וָרֶכֶב גִּבּוֹר וְכָל־אִישׁ מִלְחָמָה נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ וְנָתַתִּי
אֶת־כְּבוֹדִי בַּגּוֹיִם וְרָאוּ כָל־הַגּוֹיִם אֶת־מִשְׁפָּטִי אֲשֶׁר עָשִׂיתִי
כב וְאֶת־יָדִי אֲשֶׁר־שַׂמְתִּי בָהֶם׃ וְיָדְעוּ בֵּית יִשְׂרָאֵל כִּי אֲנִי
כג יְהֹוָה אֱלֹהֵיהֶם מִן־הַיּוֹם הַהוּא וָהָלְאָה׃ וְיָדְעוּ הַגּוֹיִם כִּי
בַעֲוֹנָם גָּלוּ בֵית־יִשְׂרָאֵל עַל אֲשֶׁר מָעֲלוּ־בִי וָאַסְתִּר פָּנַי
כד מֵהֶם וָאֶתְּנֵם בְּיַד צָרֵיהֶם וַיִּפְּלוּ בַחֶרֶב כֻּלָּם׃ כְּטֻמְאָתָם
כה וּכְפִשְׁעֵיהֶם עָשִׂיתִי אֹתָם וָאַסְתִּר פָּנַי מֵהֶם׃ לָכֵן כֹּה אָמַר
אֲדֹנָי יֱהֹוִה עַתָּה אָשִׁיב אֶת־שְׁבִית יַעֲקֹב וְרִחַמְתִּי כָּל־
כו בֵּית יִשְׂרָאֵל וְקִנֵּאתִי לְשֵׁם קָדְשִׁי׃ וְנָשׂוּ אֶת־כְּלִמָּתָם וְאֶת־
כָּל־מַעֲלָם אֲשֶׁר מָעֲלוּ־בִי בְּשִׁבְתָּם עַל־אַדְמָתָם לָבֶטַח
כז וְאֵין מַחֲרִיד׃ בְּשׁוֹבְבִי אוֹתָם מִן־הָעַמִּים וְקִבַּצְתִּי אֹתָם
כח מֵאַרְצוֹת אֹיְבֵיהֶם וְנִקְדַּשְׁתִּי בָם לְעֵינֵי הַגּוֹיִם רַבִּים׃ וְיָדְעוּ
כִּי אֲנִי יְהֹוָה אֱלֹהֵיהֶם בְּהַגְלוֹתִי אֹתָם אֶל־הַגּוֹיִם וְכִנַּסְתִּים
כט אֶל־אַדְמָתָם וְלֹא־אוֹתִיר עוֹד מֵהֶם שָׁם׃ וְלֹא־אַסְתִּיר עוֹד
פָּנַי מֵהֶם אֲשֶׁר שָׁפַכְתִּי אֶת־רוּחִי עַל־בֵּית יִשְׂרָאֵל נְאֻם
אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃

## מ

א בְּעֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה לְגָלוּתֵנוּ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה בֶּעָשׂוֹר
לַחֹדֶשׁ בְּאַרְבַּע עֶשְׂרֵה שָׁנָה אַחַר אֲשֶׁר הֻכְּתָה הָעִיר
בְּעֶצֶם ׀ הַיּוֹם הַזֶּה הָיְתָה עָלַי יַד־יְהֹוָה וַיָּבֵא אֹתִי שָׁמָּה׃
ב בְּמַרְאוֹת אֱלֹהִים הֱבִיאַנִי אֶל־אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וַיְנִיחֵנִי אֶל־
ג הַר גָּבֹהַּ מְאֹד וְעָלָיו כְּמִבְנֵה־עִיר מִנֶּגֶב׃ וַיָּבִיא אוֹתִי
שָׁמָּה וְהִנֵּה־אִישׁ מַרְאֵהוּ כְּמַרְאֵה נְחֹשֶׁת וּפְתִיל־פִּשְׁתִּים

לט, יז׳ יט׳ מלעיל    כה׳ שבית קרי    כו׳ חסר א    כח׳ ס״א על

און וועל געהייליקט ווערן דורך זיי
פאַר די אויגן פון פיל אומות.
[28] און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה זייער גאָט,
ווען איך פאַרטרייב זיי צו די אומות,
און וועל זיי דערנאָך אַיינזאַמלען אויף זייער ערד;
און איך וועל פון זיי מער ניט איבערלאָזן דאָרטן.
[29] און איך וועל מער ניט פאַרבאָרגן מיין פּנים פון זיי,
וואָרום איך האָב אויסגעגאָסן מיין גייסט
אויף דעם הויז פון ישׂראל,
זאָגט גאָט דער האַר.

**מ** [1] אין פינף און צוואַנציקסטן יאָר פון אונדזער גלות, אין אָנהייב יאָר, אין צענטן טאָג פון חודש, אין פערצנטן יאָר נאָכ־דעם ווי די שטאָט איז געשלאָגן געוואָרן, גענוי אין דעמדאָזיקן טאָג, איז געווען אויף מיר די האַנט פון גאָט, און ער האָט מיך אַהין געבראַכט. [2] אין וועאונגען פון גאָט האָט ער מיך געבראַכט קיין ארץ־ישׂראל, און ער האָט מיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ זייער הויכן באַרג, און אויף אים איז געווען אַזוי ווי דאָס געבוי פון אַ שטאָט, אין דָרום. [3] און ער האָט מיך אַהין געבראַכט, ערשט דאָרטן איז אַ מאַן וואָס זיין אויסזען איז אַזוי ווי דאָס אויסזען פון קופּער, און אַ פלאַקסענע שנור

בְּיָדוֹ וּקְנֵה הַמִּדָּה וְהוּא עֹמֵד בַּשָּׁעַר׃ וַיְדַבֵּר אֵלַי הָאִישׁ ד
בֶּן־אָדָם רְאֵה בְעֵינֶיךָ וּבְאָזְנֶיךָ שְּׁמָע וְשִׂים לִבְּךָ לְכֹל
אֲשֶׁר־אֲנִי מַרְאֶה אוֹתָךְ כִּי לְמַעַן הַרְאוֹתְכָה הֻבָאתָה
הֵנָּה הַגֵּד אֶת־כָּל־אֲשֶׁר־אַתָּה רֹאֶה לְבֵית יִשְׂרָאֵל׃ וְהִנֵּה ה
חוֹמָה מִחוּץ לַבַּיִת סָבִיב ׀ סָבִיב וּבְיַד הָאִישׁ קְנֵה הַמִּדָּה
שֵׁשׁ־אַמּוֹת בָּאַמָּה וָטֹפַח וַיָּמָד אֶת־רֹחַב הַבִּנְיָן קָנֶה אֶחָד
וְקוֹמָה קָנֶה אֶחָד׃ וַיָּבוֹא אֶל־שַׁעַר אֲשֶׁר פָּנָיו דֶּרֶךְ ו
הַקָּדִימָה וַיַּעַל בְּמַעֲלָתָו וַיָּמָד ׀ אֶת־סַף הַשַּׁעַר קָנֶה אֶחָד
רֹחַב וְאֵת סַף אֶחָד קָנֶה אֶחָד רֹחַב׃ וְהַתָּא קָנֶה אֶחָד ז
אֹרֶךְ וְקָנֶה אֶחָד רֹחַב וּבֵין הַתָּאִים חָמֵשׁ אַמּוֹת וְסַף
הַשַּׁעַר מֵאֵצֶל אֻלָם הַשַּׁעַר מֵהַבַּיִת קָנֶה אֶחָד׃ וַיָּמָד אֶת־ ח
אֻלָם הַשַּׁעַר מֵהַבַּיִת קָנֶה אֶחָד׃ וַיָּמָד אֶת־אֻלָם הַשַּׁעַר ט
שְׁמֹנֶה אַמּוֹת וְאֵילָו שְׁתַּיִם אַמּוֹת וְאֻלָם הַשַּׁעַר מֵהַבָּיִת׃
וְתָאֵי הַשַּׁעַר דֶּרֶךְ הַקָּדִים שְׁלֹשָׁה מִפֹּה וּשְׁלֹשָׁה מִפֹּה י
מִדָּה אַחַת לִשְׁלָשְׁתָּם וּמִדָּה אַחַת לָאֵילִם מִפֹּה וּמִפּוֹ׃
וַיָּמָד אֶת־רֹחַב פֶּתַח־הַשַּׁעַר עֶשֶׂר אַמּוֹת אֹרֶךְ הַשַּׁעַר יא
שְׁלוֹשׁ עֶשְׂרֵה אַמּוֹת׃ וּגְבוּל לִפְנֵי הַתָּאוֹת אַמָּה אֶחָת יב
וְאַמָּה־אַחַת גְּבוּל מִפֹּה וְהַתָּא שֵׁשׁ־אַמּוֹת מִפּוֹ וְשֵׁשׁ
אַמּוֹת מִפּוֹ׃ וַיָּמָד אֶת־הַשַּׁעַר מִגַּג הַתָּא לְגַגּוֹ רֹחַב עֶשְׂרִים יג
וְחָמֵשׁ אַמּוֹת פֶּתַח נֶגֶד פָּתַח׃ וַיַּעַשׂ אֶת־אֵילִים שִׁשִּׁים יד
אַמָּה וְאֶל־אֵיל הֶחָצֵר הַשַּׁעַר סָבִיב ׀ סָבִיב׃ וְעַל־פְּנֵי טו
הַשַּׁעַר הָיאתוֹן עַל־לִפְנֵי אֻלָם הַשַּׁעַר הַפְּנִימִי חֲמִשִּׁים
אַמָּה׃ וְחַלֹּנוֹת אֲטֻמוֹת אֶל־הַתָּאִים וְאֶל אֵלֵיהֵמָה טז
לִפְנִימָה לַשַּׁעַר סָבִיב ׀ סָבִיב וְכֵן לָאֵלַמּוֹת וְחַלּוֹנוֹת
סָבִיב ׀ סָבִיב לִפְנִימָה וְאֶל־אַיִל תִּמֹרִים׃ וַיְבִיאֵנִי אֶל־ יז
הֶחָצֵר הַחִיצוֹנָה וְהִנֵּה לְשָׁכוֹת וְרִצְפָה עָשׂוּי לֶחָצֵר סָבִיב ׀
סָבִיב שְׁלֹשִׁים לְשָׁכוֹת אֶל־הָרִצְפָה׃ וְהָרִצְפָה אֶל־כֶּתֶף יח

ד׳ קמץ בלא אס״ף   ו׳ במעלתו ק׳   ט׳ ואלו ק   טו׳ האיתון ק

איז אין זיין האַנט, און אַ מעסטשטאַנג; און ער שטייט אין טויער. 4 און דער מאַן האָט צו מיר גערעדט: מענטשן־קינד, זע מיט דיינע אויגן, און מיט דיינע אויערן הער, און לייג צו דיין האַרץ צו אַלץ וואָס איך ווייז דיר, וואָרום כּדי דיר צו ווייזן ביסטו געבראַכט געוואָרן אַהער; דערצייל אַלץ וואָס דו זעסט צו דעם הויז פון ישׂראל.

5 און זע, אַ מויער איז געווען דרויסן פון דעם הויז רונד אַרום; און אין דער האַנט פון דעם מאַן איז געווען אַ מעסטשטאַנג פון זעקס איילן, איטלעכע פון אַן אייל מיט אַ האַנטברייט; און ער האָט אָפּגעמאָסטן די ברייט פון דעם בנין, איין שטאַנג, און די הייך איין שטאַנג.

6 און ער איז געקומען צו אַ טויער וואָס זיין פאָדערזייט איז געווען צו מזרח, און ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף זיינע טרעפּ, און האָט אָפּגעמאָסטן די שוועל פון דעם טויער, איין שטאַנג די ברייט—די איין שוועל, איין שטאַנג די ברייט. 7 און איטלעכער אַלקער איז געווען איין שטאַנג די לענג, און איין שטאַנג די ברייט, און צווישן די אַלקערס פינף איילן; און די שוועל פון דעם טויער לעבן דעם פירהויז פון טויער פון אינעווייניק איז געווען איין שטאַנג. 8 און ער האָט אָפּגעמאָסטן דאָס פירהויז פון טויער פון אינעווייניק, איין שטאַנג. 9 און ער האָט אָפּגעמאָסטן דאָס פירהויז פון טויער, אַכט איילן, און זיינע טירזיילן, צוויי איילן; און דאָס פירהויז פון טויער איז געווען פון אינעווייניק. 10 און די אַלקערס פון דעם טויער צו מזרח זיינען געווען דריי פון דער זייט, און דריי פון דער אַנדער זייט; איין מאָס פאַר זיי דרייען, און איין מאָס פאַר די טירזיילן פון דער זייט און פון דער אַנדער זייט. 11 און ער האָט אָפּגעמאָסטן די ברייט פון דעם טויעראיינגאַנג, צען איילן; די לענג פון טויער, דרייצן איילן. 12 און אַן אַרומצאַם איז געווען פאַר די אַלקערס, איין אייל [פון דער זייט], און איין אייל אַרומצאַם פון דער אַנדער זייט; און די אַלקערס זיינען געווען זעקס איילן פון דער זייט, און זעקס איילן פון דער אַנדער זייט. 13 און ער האָט אָפּגעמאָסטן דעם טויער, פון דעם דאַך פון איין אַלקער צו דעם אַנטקעגנדיקן דאַך, פינף און צוואַנציק איילן די ברייט; אַן עפענונג קעגן אַן עפענונג. 14 און ער האָט געמאַכט די טירזיילן זעכציק איילן, ביז אויף די טירזיילן פון הויף אין די טויערן רונד אַרום. 15 און פון דער פאָדערזייט פון דעם איינגאַנגטויער ביז דער פאָדערזייט פון דעם אינעווייניקסטן פירהויז פון טויער איז געווען פופציק איילן. 16 און שמאָלע פענצטער זיינען געווען אין די אַלקערס, און אין זייערע טירזיילן, אינעווייניקצו צום טויער רונד אַרום, און אַזוי אין די געוועלבן; און פענצטער רונד אַרום אינעווייניקצו; און אויף די טירזיילן טייטלביימער.

17 און ער האָט מיך געבראַכט אין דעם אויסנווייניקסטן הויף, ערשט דאָרטן זיינען קאַמערן, און אַ פלאַסטערונג איז געמאַכט אין הויף רונד אַרום; דרייסיק קאַמערן אויף דער פלאַסטערונג. 18 און די פלאַסטערונג איז געווען ביי דער זייט

יט הַשְּׁעָרִים לְעֻמַּת אֹרֶךְ הַשְּׁעָרִים הָרִצְפָּה הַתַּחְתּוֹנָה׃ וַיָּמָד
רֹחַב מִלִּפְנֵי הַשַּׁעַר הַתַּחְתּוֹנָה לִפְנֵי הֶחָצֵר הַפְּנִימִי מִחוּץ
כ מֵאָה אַמָּה הַקָּדִים וְהַצָּפוֹן׃ וְהַשַּׁעַר אֲשֶׁר פָּנָיו דֶּרֶךְ
כא הַצָּפוֹן לֶחָצֵר הַחִיצוֹנָה מָדַד אָרְכּוֹ וְרָחְבּוֹ׃ וְתָאָו
שְׁלוֹשָׁה מִפּוֹ וּשְׁלֹשָׁה מִפּוֹ וְאֵילָו וְאֵלַמָּו הָיָה כְּמִדַּת
הַשַּׁעַר הָרִאשׁוֹן חֲמִשִּׁים אַמָּה אָרְכּוֹ וְרֹחַב חָמֵשׁ וְעֶשְׂרִים
כב בָּאַמָּה׃ וְחַלּוֹנָו וְאֵילַמָּו וְתִימֹרָו כְּמִדַּת הַשַּׁעַר אֲשֶׁר פָּנָיו
דֶּרֶךְ הַקָּדִים וּבְמַעֲלוֹת שֶׁבַע יַעֲלוּ־בוֹ וְאֵילַמָּו לִפְנֵיהֶם׃
כג וְשַׁעַר לֶחָצֵר הַפְּנִימִי נֶגֶד הַשַּׁעַר לַצָּפוֹן וְלַקָּדִים וַיָּמָד
כד מִשַּׁעַר אֶל־שַׁעַר מֵאָה אַמָּה׃ וַיּוֹלִכֵנִי דֶּרֶךְ הַדָּרוֹם וְהִנֵּה־
שַׁעַר דֶּרֶךְ הַדָּרוֹם וּמָדַד אֵילָו וְאֵילַמָּו כַּמִּדּוֹת הָאֵלֶּה׃
כה וְחַלּוֹנִים לוֹ וּלְאֵילַמָּו סָבִיב ׀ סָבִיב כְּהַחַלֹּנוֹת הָאֵלֶּה
כו חֲמִשִּׁים אַמָּה אֹרֶךְ וְרֹחַב חָמֵשׁ וְעֶשְׂרִים אַמָּה׃ וּמַעֲלוֹת
שִׁבְעָה עֹלוֹתָו וְאֵילַמָּו לִפְנֵיהֶם וְתִמֹּרִים לוֹ אֶחָד מִפּוֹ
כז וְאֶחָד מִפּוֹ אֶל־אֵילָו׃ וְשַׁעַר לֶחָצֵר הַפְּנִימִי דֶּרֶךְ הַדָּרוֹם
כח וַיָּמָד מִשַּׁעַר אֶל־הַשַּׁעַר דֶּרֶךְ הַדָּרוֹם מֵאָה אַמּוֹת׃ וַיְבִיאֵנִי
אֶל־חָצֵר הַפְּנִימִי בְּשַׁעַר הַדָּרוֹם וַיָּמָד אֶת־הַשַּׁעַר הַדָּרוֹם
כט כַּמִּדּוֹת הָאֵלֶּה׃ וְתָאָו וְאֵלָו וְאֵלַמָּו כַּמִּדּוֹת הָאֵלֶּה
וְחַלּוֹנוֹת לוֹ וּלְאֵלַמָּו סָבִיב ׀ סָבִיב חֲמִשִּׁים אַמָּה אֹרֶךְ
ל וְרֹחַב עֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ אַמּוֹת׃ וְאֵלַמּוֹת סָבִיב ׀ סָבִיב אֹרֶךְ
לא חָמֵשׁ וְעֶשְׂרִים אַמָּה וְרֹחַב חָמֵשׁ אַמּוֹת׃ וְאֵלַמָּו אֶל־
חָצֵר הַחִצוֹנָה וְתִמֹרִים אֶל־אֵלָו וּמַעֲלוֹת שְׁמוֹנֶה מַעֲלָו׃
לב וַיְבִיאֵנִי אֶל־הֶחָצֵר הַפְּנִימִי דֶּרֶךְ הַקָּדִים וַיָּמָד אֶת־הַשַּׁעַר
לג כַּמִּדּוֹת הָאֵלֶּה׃ וְתָאָו וְאֵלָו וְאֵלַמָּו כַּמִּדּוֹת הָאֵלֶּה
וְחַלּוֹנוֹת לוֹ וּלְאֵלַמָּו סָבִיב ׀ סָבִיב אֹרֶךְ חֲמִשִּׁים אַמָּה

יט׳ מלעיל  כא׳ ותאיו ק  ואליו ק  ואלמיו ק  כב׳ וחלוניו ק  ואלמיו ק
ותמריו ק  ואלמיו ק  כד׳ אליו ק  ואלמיו ק  כה׳ ולאילמיו קרי
כו׳ עלותיו קרי  ואילמיו קרי  · אליו קרי  כט׳ ותאיו קי  ואליו קרי
ואלמיו קרי  ולאלמיו קרי  לא׳ ואלמיו קרי  אליו קרי  סעליו ק
לג׳ ותאיו קרי  ואליו קרי  ואלמיו קרי  ולאלמיו קרי

פון די טויערן אַקעגן דער לענג פון די טויערן–די
אונטערשטע פּלאַסטערונג. 19 און ער האָט אָפּגעמאָסטן
די ברייט, פון פאַר דעם אונטערשטן טויער ביז פאַר דעם
אינעווייניקסטן הויף פון אויסנווייניק, הונדערט איילן, אין
מזרח און אין צפון.

20 אויף דעם טויער פון דעם אויסנווייניקסטן הויף
וואָס זיין פּאָדערזייט איז געווען צו צפון, האָט ער אויס־
געמאָסטן, זיין לענג און זיין ברייט. 21 און זיינע אַלקערס
זיינען געווען דריי פון דער זייט און דריי פון דער אַנדער
זייט; און זיינע טירזיילן און זיינע געוועלבן אַזוי ווי די מאָס
פון דעם ערשטן טויער; פופציק איילן זיין לענג, און די
ברייט פינף און צוואַנציק איילן. 22 און זיינע פענצטער,
און זיינע געוועלבן, און זיינע טייטלביימער, אַזוי ווי די
מאָס פון דעם טויער וואָס זיין פּאָדערזייט איז געווען צו
מזרח; און אויף זיבן טרעפּ איז מען אַרויפגעגאַנגען אין
אים; און זיינע געוועלבן זיינען געווען פאַר זיי. 23 און אַ
טויער צום אינעווייניקסטן הויף איז געווען קעגן טויער
צו צפון, און צו מזרח; און ער האָט אָפּגעמאָסטן פון טויער
צו טויער הונדערט איילן.

24 און ער האָט מיך געפירט צו דָרום, ערשט דאָרטן
איז אַ טויער צו דָרום; און ער האָט אָפּגעמאָסטן זיינע
טירזיילן און זיינע געוועלבן אַזוי ווי יענע מאָסן. 25 און
פענצטער זיינען געווען אין אים, און אין זיינע געוועלבן
רונד אַרום, אַזוי ווי יענע פענצטער; פופציק איילן די
לענג, און די ברייט פינף און צוואַנציק איילן. 26 און זיבן
טרעפּ זיינען געווען זיין אַרויפגאַנג, און זיינע געוועלבן זיינען געווען פאַר זיי; און ער האָט געהאַט טייטלביימער, איינעם
פון דער זייט, און איינעם פון דער אַנדער זייט, אויף זיינע טירזיילן. 27 און אַ טויער איז געווען צום אינעווייניקסטן הויף
אַקעגן דָרום; און ער האָט אָפּגעמאָסטן פון טויער צו טויער אַקעגן דָרום הונדערט איילן.

28 און ער האָט מיך געבראַכט צום אינעווייניקסטן הויף דורך דעם טויער פון דָרום, און ער האָט אָפּגעמאָסטן דעם
טויער פון דָרום אַזוי ווי יענע מאָסן. 29 און זיינע אַלקערס, און זיינע טירזיילן, און זיינע געוועלבן, זיינען געווען אַזוי ווי
יענע מאָסן; און פענצטער זיינען געווען אין אים, און אין זיינע געוועלבן רונד אַרום; פופציק איילן די לענג, און די ברייט
פינף און צוואַנציק איילן. 30 און געוועלבן זיינען געווען רונד אַרום; די לענג איז געווען פינף און צוואַנציק איילן, און די
ברייט פינף איילן. 31 און זיינע געוועלבן זיינען געווען צום אויסנווייניקסטן הויף צו, און טייטלביימער זיינען געווען אויף
זיינע טירזיילן; און אַכט טרעפּ זיינען געווען זיין אַרויפגאַנג.

32 און ער האָט מיך געבראַכט אין דעם אינעווייניקסטן הויף אַקעגן מזרח, און ער האָט אָפּגעמאָסטן דעם טויער
אַזוי ווי יענע מאָסן. 33 און זיינע אַלקערס, און זיינע טירזיילן, און זיינע געוועלבן, זיינען געווען אַזוי ווי יענע מאָסן;
און פענצטער זיינען געווען אין אים, און אין זיינע געוועלבן רונד אַרום; די לענג פופציק איילן, און די ברייט פינף און

לד וְרֹחַב חָמֵשׁ וְעֶשְׂרִים אַמָּה׃ וְאֵלַמָּו לֶחָצֵר הַחִיצוֹנָה
וְתִמֹרִים אֶל־אֵילָו מִפּוֹ וּמִפּוֹ וּשְׁמֹנֶה מַעֲלוֹת מַעֲלָו׃
לה לו וַיְבִיאֵנִי אֶל־שַׁעַר הַצָּפוֹן וּמָדַד כַּמִּדּוֹת הָאֵלֶּה׃ תָּאוֹ
אֵלָו וְאֵלַמָּו וְחַלּוֹנוֹת לוֹ סָבִיב ׀ סָבִיב אֹרֶךְ חֲמִשִּׁים אַמָּה
לז וְרֹחַב חָמֵשׁ וְעֶשְׂרִים אַמָּה׃ וְאֵילָו לֶחָצֵר הַחִיצוֹנָה
וְתִמֹרִים אֶל־אֵילָו מִפּוֹ וּמִפּוֹ וּשְׁמֹנֶה מַעֲלוֹת מַעֲלָו׃
לח וְלִשְׁכָּה וּפִתְחָהּ בְּאֵילִים הַשְּׁעָרִים שָׁם יָדִיחוּ אֶת־הָעֹלָה׃
לט וּבְאֻלָם הַשַּׁעַר שְׁנַיִם שֻׁלְחָנוֹת מִפּוֹ וּשְׁנַיִם שֻׁלְחָנוֹת מִפֹּה
מ לִשְׁחוֹט אֲלֵיהֶם הָעוֹלָה וְהַחַטָּאת וְהָאָשָׁם׃ וְאֶל־הַכָּתֵף
מִחוּצָה לָעוֹלֶה לְפֶתַח הַשַּׁעַר הַצָּפוֹנָה שְׁנַיִם שֻׁלְחָנוֹת
וְאֶל־הַכָּתֵף הָאַחֶרֶת אֲשֶׁר לְאֻלָם הַשַּׁעַר שְׁנַיִם שֻׁלְחָנוֹת׃
מא אַרְבָּעָה שֻׁלְחָנוֹת מִפֹּה וְאַרְבָּעָה שֻׁלְחָנוֹת מִפֹּה לְכֶתֶף
מב הַשָּׁעַר שְׁמוֹנָה שֻׁלְחָנוֹת אֲלֵיהֶם יִשְׁחָטוּ׃ וְאַרְבָּעָה שֻׁלְחָנוֹת
לָעוֹלָה אַבְנֵי גָזִית אֹרֶךְ אַמָּה אַחַת וָחֵצִי וְרֹחַב אַמָּה
אַחַת וָחֵצִי וְגֹבַהּ אַמָּה אֶחָת אֲלֵיהֶם וְיַנִּיחוּ אֶת־הַכֵּלִים
מג אֲשֶׁר יִשְׁחֲטוּ אֶת־הָעוֹלָה בָּם וְהַזָּבַח׃ וְהַשְׁפַתַּיִם טֹפַח
אֶחָד מוּכָנִים בַּבַּיִת סָבִיב ׀ סָבִיב וְאֶל־הַשֻּׁלְחָנוֹת בְּשַׂר
מד הַקָּרְבָּן׃ וּמִחוּצָה לַשַּׁעַר הַפְּנִימִי לִשְׁכוֹת שָׁרִים בֶּחָצֵר
הַפְּנִימִי אֲשֶׁר אֶל־כֶּתֶף שַׁעַר הַצָּפוֹן וּפְנֵיהֶם דֶּרֶךְ הַדָּרוֹם
מה אֶחָד אֶל־כֶּתֶף שַׁעַר הַקָּדִים פְּנֵי דֶּרֶךְ הַצָּפֹן׃ וַיְדַבֵּר
אֵלָי זֹה הַלִּשְׁכָּה אֲשֶׁר פָּנֶיהָ דֶּרֶךְ הַדָּרוֹם לַכֹּהֲנִים שֹׁמְרֵי
מו מִשְׁמֶרֶת הַבָּיִת׃ וְהַלִּשְׁכָּה אֲשֶׁר פָּנֶיהָ דֶּרֶךְ הַצָּפוֹן לַכֹּהֲנִים
שֹׁמְרֵי מִשְׁמֶרֶת הַמִּזְבֵּחַ הֵמָּה בְנֵי־צָדוֹק הַקְּרֵבִים מִבְּנֵי־
מז לֵוִי אֶל־יְהוָה לְשָׁרְתוֹ׃ וַיָּמָד אֶת־הֶחָצֵר אֹרֶךְ ׀ מֵאָה אַמָּה
מח וְרֹחַב מֵאָה אַמָּה מְרֻבָּעַת וְהַמִּזְבֵּחַ לִפְנֵי הַבָּיִת׃ וַיְבִאֵנִי
אֶל־אֻלָם הַבַּיִת וַיָּמָד אֵל אֻלָם חָמֵשׁ אַמּוֹת מִפֹּה וְחָמֵשׁ
אַמּוֹת מִפֹּה וְרֹחַב הַשַּׁעַר שָׁלֹשׁ אַמּוֹת מִפּוֹ וְשָׁלֹשׁ אַמּוֹת

לד׳ ואלמו ק · אליו ק · מעליו ק · לו׳ תאיו קרי · אליו ק
ואלמו ק · לז׳ ואיליו ק · אליו ק · מעליו ק · לט׳ מא׳ כא עליהם · מג׳ כצ״ל

צוואַנציק איילן. [34] און זיינע געוועלבן זיינען געווען צום אויסנווייניקסטן הויף צו, און טייטלביימער זיינען געווען אויף זיינע טירזיילן, פון דער זייט און פון דער אַנדער זייט; און אַכט טרעפּ זיינען געווען זיין אַרויפגאַנג.

[35] און ער האָט מיך געבראַכט צו דעם טויער פון צפון, און האָט אָפּגעמאָסטן אַזוי ווי יענע מאָסן—[36] זיינע אַלקערס, און זיינע טירזיילן, און זיינע געוועלבן; און פענצטער זיינען געווען אין אים רונד אַרום; די לענג פופציק איילן, און די ברייט פינף און צוואַנציק איילן. [37] און זיינע טירזיילן זיינען געווען צום אויסנווייניקסטן הויף צו, און טייטלביימער זיינען געווען אויף זיינע טירזיילן, פון דער זייט און פון דער אַנדער זייט; און אַכט טרעפּ זיינען געווען זיין אַרויפגאַנג.

[38] און אַ קאַמער איז געווען, מיט איר אַיינגאַנג אין די טירזיילן פון די טויערן; דאָרטן זאָל מען אָפּשווענקען דאָס בראַנדאָפּפער. [39] און אין דעם פירהויז פון טויער זיינען געווען צוויי טישן פון דער זייט, און צוויי טישן פון דער אַנדער זייט, צו שעכטן אויף זיי דאָס בראַנדאָפּפער, און דאָס זינדאָפּפער, און דאָס שולדאָפּפער. [40] און אויף איין זייט פון דרויסן, ווי מע גייט אַרויף צום אַיינגאַנג פון צפון־טויער, זיינען געווען צוויי טישן, און אויף דער אַנדער זייט פון דעם פירהויז וואָס צום טויער צוויי טישן. [41] פיר טישן פון דער זייט, און פיר טישן פון דער אַנדער זייט, ביין זייט פון טויער—אַכט טישן וואָס אויף זיי זאָל מען שעכטן. [42] און פיר טישן פאַרן בראַנדאָפּפער, פון געהאַקטע שטיינער, די לענג אַן איל און אַ האַלב, און די ברייט אַן איל און אַ האַלב, און די הייך אַן איל, וואָס אויף זיי זאָל מען אַוועקלייגן די כלים וואָס מע שעכט מיט זיי דאָס בראַנדאָפּפער און דאָס שלאַכטאָפּפער. [43] און האָקן פון איין האַנטברייט זיינען געווען באַפעסטיקט אינעווייניק רונד אַרום; און אויף די טישן האָט געזאָלט זיין דאָס פלייש פון דעם קרבן. [44] און דרויסן פון דעם אינעווייניקסטן טויער זיינען געווען קאַמערן פאַר די וועכטער אין דעם אינעווייניקסטן הויף וואָס ביין זייט פון צפון־טויער, און זייער פאָדער־זייט איז געווען צו דָרום; איינע ביין זייט פון מזרח־טויער מיט דער פאָדערזייט צו צפון. [45] און ער האָט צו מיר געזאָגט: דידאָזיקע קאַמער וואָס איר פאָדערזייט איז צו דָרום, איז פאַר די כּהנים וואָס היטן די היטונג פון הויז. [46] און די קאַמער וואָס איר פאָדערזייט איז צו צפון, איז פאַר די כּהנים וואָס היטן די היטונג פון מזבח; דאָס זיינען די קינדער פון צָדוק, די פון די קינדער פון לֵוִי וואָס גענענען צו גאָט, אים צו דינען.

[47] און ער האָט אויסגעמאָסטן דעם הויף, די לענג הונדערט איילן, און די ברייט הונדערט איילן, פירעקעכדיק; און דער מזבח איז געווען פאַרן הויז.

[48] און ער האָט מיך געבראַכט צום פאָליש פון דעם הויז, און האָט אָפּגעמאָסטן די טירזיילן פון דעם פאָליש, פינף איילן פון דער זייט, און פינף איילן פון דער אַנדער זייט; און די ברייט פון דעם טויער, דריי איילן פון דער זייט, און דריי

אײלן פֿון דער אַנדער זײט. [49] די לענג פֿון דעם פֿאָליש צוואַנציק אײלן, און די ברײט עלף אײלן; און מיט טרעפּ איז מען אַרױפֿגעגאַנגען צו אים; און זײלן זײנען געװען לעבן די טירזײלן, אײנער פֿון דע̇ר זײט, און אײנער פֿון דער אַנדער זײט.

מא [1] און ער האָט מיך געבראַכט צום הֵיכל, און האָט אָפּגעמאָסטן די טירזײלן, זעקס אײלן די ברײט פֿון דע̇ר זײט, און זעקס אײלן די ברײט פֿון דער אַנדער זײט—די ברײט פֿון דעם געצעלט. [2] און די ברײט פֿון דעם אַײנגאַנג צען אײלן, און די זײטן פֿון דעם אַײנגאַנג פֿינף אײלן פֿון דע̇ר זײט, און פֿינף אײלן פֿון דער אַנדער זײט. און ער האָט אָפּגעמאָסטן זײן לענג, פֿערציק אײלן, און די ברײט, צוואַנציק אײלן.

[3] און ער איז אַרײנגעגאַנגען אינעװײניק, און האָט אָפּגעמאָסטן די טירזײלן פֿון דעם אַײנגאַנג, צװײ אײלן, און דעם אַײנגאַנג, זעקס אײלן, און די ברײט פֿון דעם אַײנ־גאַנג, זיבן אײלן. [4] און ער האָט אָפּגעמאָסטן זײן לענג, צוואַנציק אײלן, און די ברײט, צוואַנציק אײלן, פֿאַר דעם הֵיכל; און ער האָט צו מיר געזאָגט: דאָס איז דער קָדשֵי־קָדשים.

[5] און ער האָט אָפּגעמאָסטן די װאַנט פֿון דעם הױז, זעקס אײלן, און די ברײט פֿון אַ זײטקאַמער, פֿיר אײלן, רונד אַרום הױז פֿון אַלע זײטן. [6] און די זײטקאַמערן זײנען געװען אַ קאַמער איבער אַ קאַמער, דרײ און דרײסיק מאָל; און זײ זײנען אַרײנגעגאַנגען אין דער װאַנט װאָס צום הױז פֿאַר די זײטקאַמערן רונד אַרום, כּדי זיך צו האַלטן דעראָן, און זײ זאָלן זיך ניט האַלטן אָן דער װאַנט פֿון הױז. [7] און װאָס העכער און העכער אַלץ ברײטער זײנען געװאָרן רונד אַרום די זײטקאַמערן; װאָרום דער אַרומבױ פֿון הױז איז געגאַנגען העכער און העכער רונד אַרום הױז; דרום האָט דאָס הױז געהאַט אױבן מער ברײטקײט; און אַזױ איז מען אַרױף פֿון דער אונטערשטער רײ צו דער אױבערשטער דורך דער מיטלסטער. [8] און איך האָב געזען אַז דאָס הױז האָט געהאַט אַ דערהײכונג רונד אַרום; די גרונטפֿעסטן פֿון די זײטקאַמערן זײנען געװען אַ פֿולער שטאַנג פֿון זעקס אײלן בײם געלענק. [9] די גרעב פֿון דער אױסנװײניקסטער װאַנט פֿון די זײטקאַמערן איז געװען פֿינף אײלן; און װאָס איז געלאָזט געװאָרן פֿרײ צװישן די זײטקאַמערן װאָס בײם הױז [10] און צװישן די קאַמערן[*], איז געװען צוואַנציק אײלן די ברײט, רונד אַרום הױז פֿון אַלע זײטן. [11] און די אַײנגאַנגען פֿון די זײטקאַמערן זײנען געװען צו דעם פֿרײ געלאָזטן אָרט צו, אײן אַײנגאַנג צו צפֿון, און אײן אַײנגאַנג צו דָרום; און די ברײט פֿון דעם פֿרײ געלאָזטן אָרט איז געװען פֿינף אײלן רונד אַרום.

[12] און דער בנין װאָס איז געװען פֿאַר דעם אָפּגעזונדערטן אָרט אין דער זײט קעגן מערב, איז געװען די ברײט זיבעציק אײלן, און די װאַנט פֿון דעם בנין פֿינף אײלן די גרעב רונד אַרום, און זײן לענג נײנציק אײלן.

מט מִפּוֹ: אֹרֶךְ הָאֻלָם עֶשְׂרִים אַמָּה וְרֹחַב עַשְׁתֵּי עֶשְׂרֵה אַמָּה
וּבַמַּעֲלוֹת אֲשֶׁר יַעֲלוּ אֵלָיו וְעַמֻּדִים אֶל־הָאֵילִים אֶחָד
מִפֹּה וְאֶחָד מִפֹּה:

מא

א וַיְבִיאֵנִי אֶל־הַהֵיכָל וַיָּמָד אֶת־הָאֵילִים שֵׁשׁ־אַמּוֹת רֹחַב
ב מִפּוֹ וְשֵׁשׁ־אַמּוֹת רֹחַב־מִפּוֹ רֹחַב הָאֹהֶל: וְרֹחַב הַפֶּתַח
עֶשֶׂר אַמּוֹת וְכִתְפוֹת הַפֶּתַח חָמֵשׁ אַמּוֹת מִפּוֹ וְחָמֵשׁ
אַמּוֹת מִפּוֹ וַיָּמָד אָרְכּוֹ אַרְבָּעִים אַמָּה וְרֹחַב עֶשְׂרִים
ג אַמָּה: וּבָא לִפְנִימָה וַיָּמָד אֵיל־הַפֶּתַח שְׁתַּיִם אַמּוֹת
ד וְהַפֶּתַח שֵׁשׁ אַמּוֹת וְרֹחַב הַפֶּתַח שֶׁבַע אַמּוֹת: וַיָּמָד אֶת־
אָרְכּוֹ עֶשְׂרִים אַמָּה וְרֹחַב עֶשְׂרִים אַמָּה אֶל־פְּנֵי הַהֵיכָל
ה וַיֹּאמֶר אֵלַי זֶה קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים: וַיָּמָד קִיר־הַבַּיִת שֵׁשׁ
אַמּוֹת וְרֹחַב הַצֵּלָע אַרְבַּע אַמּוֹת סָבִיב ׀ סָבִיב לַבַּיִת
ו סָבִיב: וְהַצְּלָעוֹת צֵלָע אֶל־צֵלָע שָׁלוֹשׁ וּשְׁלֹשִׁים פְּעָמִים
וּבָאוֹת בַּקִּיר אֲשֶׁר־לַבַּיִת לַצְּלָעוֹת סָבִיב ׀ סָבִיב לִהְיוֹת
ז אֲחוּזִים וְלֹא־יִהְיוּ אֲחוּזִים בְּקִיר הַבָּיִת: וְרָחֲבָה וְנָסְבָה
לְמַעְלָה לְמַעְלָה לַצְּלָעוֹת כִּי מוּסַב־הַבַּיִת לְמַעְלָה
לְמַעְלָה סָבִיב ׀ סָבִיב לַבַּיִת עַל־כֵּן רֹחַב לַבַּיִת לְמָעְלָה
ח וְכֵן הַתַּחְתּוֹנָה יַעֲלֶה עַל־הָעֶלְיוֹנָה לַתִּיכוֹנָה: וְרָאִיתִי לַבַּיִת
גֹּבַהּ סָבִיב ׀ סָבִיב מוּסְדוֹת הַצְּלָעוֹת מְלוֹ הַקָּנֶה שֵׁשׁ
ט אַמּוֹת אַצִּילָה: רֹחַב הַקִּיר אֲשֶׁר־לַצֵּלָע אֶל־הַחוּץ חָמֵשׁ
י אַמּוֹת וַאֲשֶׁר מֻנָּח בֵּית צְלָעוֹת אֲשֶׁר לַבָּיִת: וּבֵין הַלְּשָׁכוֹת
יא רֹחַב עֶשְׂרִים אַמָּה סָבִיב לַבַּיִת סָבִיב ׀ סָבִיב: וּפֶתַח
הַצֵּלָע לַמֻּנָּח פֶּתַח אֶחָד דֶּרֶךְ הַצָּפוֹן וּפֶתַח אֶחָד לַדָּרוֹם
יב וְרֹחַב מְקוֹם הַמֻּנָּח חָמֵשׁ אַמּוֹת סָבִיב ׀ סָבִיב: וְהַבִּנְיָן
אֲשֶׁר אֶל־פְּנֵי הַגִּזְרָה פְּאַת דֶּרֶךְ־הַיָּם רֹחַב שִׁבְעִים אַמָּה
וְקִיר הַבִּנְיָן חָמֵשׁ־אַמּוֹת רֹחַב סָבִיב ׀ סָבִיב וְאָרְכּוֹ תִּשְׁעִים

ס א, ח׳ מסדות ק   מל

[*] זע מב.

אַמָּה׃ וּמָדַד אֶת־הַבַּיִת אֹרֶךְ מֵאָה אַמָּה וְהַגִּזְרָה וְהַבִּנְיָה יג
וְקִירוֹתֶיהָ אֹרֶךְ מֵאָה אַמָּה׃ וְרֹחַב פְּנֵי הַבַּיִת וְהַגִּזְרָה יד
לַקָּדִים מֵאָה אַמָּה׃ וּמָדַד אֹרֶךְ־הַבִּנְיָן אֶל־פְּנֵי הַגִּזְרָה טו
אֲשֶׁר עַל־אַחֲרֶיהָ וְאַתּוּקֶיהָא מִפּוֹ וּמִפּוֹ מֵאָה אַמָּה וְהַהֵיכָל
הַפְּנִימִי וְאֻלַמֵּי הֶחָצֵר׃ הַסִּפִּים וְהַחַלּוֹנִים הָאֲטֻמוֹת טז
וְהָאַתִּיקִים ׀ סָבִיב לִשְׁלָשְׁתָּם נֶגֶד הַסַּף שְׂחִיף עֵץ סָבִיב ׀
סָבִיב וְהָאָרֶץ עַד־הַחַלֹּנוֹת וְהַחַלֹּנוֹת מְכֻסּוֹת׃ עַל־מֵעַל יז
הַפֶּתַח וְעַד־הַבַּיִת הַפְּנִימִי וְלַחוּץ וְאֶל־כָּל־הַקִּיר סָבִיב ׀
סָבִיב בַּפְּנִימִי וּבַחִיצוֹן מִדּוֹת׃ וְעָשׂוּי כְּרוּבִים וְתִמֹרִים יח
וְתִמֹרָה בֵּין־כְּרוּב לִכְרוּב וּשְׁנַיִם פָּנִים לַכְּרוּב׃ וּפְנֵי אָדָם יט
אֶל־הַתִּמֹרָה מִפּוֹ וּפְנֵי־כְפִיר אֶל־הַתִּמֹרָה מִפּוֹ עָשׂוּי אֶל־
כָּל־הַבַּיִת סָבִיב ׀ סָבִיב׃ מֵהָאָרֶץ עַד־מֵעַל הַפֶּתַח כ
הַכְּרוּבִים וְהַתִּמֹרִים עֲשׂוּיִם וְקִיר הַהֵיכָל׃ הַהֵיכָל מְזוּזַת כא
רְבֻעָה וּפְנֵי הַקֹּדֶשׁ הַמַּרְאֶה כַּמַּרְאֶה׃ הַמִּזְבֵּחַ עֵץ שָׁלוֹשׁ כב
אַמּוֹת גָּבֹהַּ וְאָרְכּוֹ ׀ שְׁתַּיִם אַמּוֹת וּמִקְצֹעוֹתָיו לוֹ וְאָרְכּוֹ
וְקִירֹתָיו עֵץ וַיְדַבֵּר אֵלַי זֶה הַשֻּׁלְחָן אֲשֶׁר לִפְנֵי יְהוָה׃
וּשְׁתַּיִם דְּלָתוֹת לַהֵיכָל וְלַקֹּדֶשׁ׃ וּשְׁתַּיִם דְּלָתוֹת לַדְּלָתוֹת כג כד
שְׁתַּיִם מוּסַבּוֹת דְּלָתוֹת שְׁתַּיִם לְדֶלֶת אֶחָת וּשְׁתֵּי דְלָתוֹת
לָאַחֶרֶת׃ וַעֲשׂוּיָה אֲלֵיהֶן אֶל־דַּלְתוֹת הַהֵיכָל כְּרוּבִים כה
וְתִמֹרִים כַּאֲשֶׁר עֲשׂוּיִם לַקִּירוֹת וְעָב עֵץ אֶל־פְּנֵי הָאוּלָם
מֵהַחוּץ׃ וְחַלּוֹנִים אֲטֻמוֹת וְתִמֹרִים מִפּוֹ וּמִפּוֹ אֶל־כִּתְפוֹת כו
הָאוּלָם וְצַלְעוֹת הַבַּיִת וְהָעֻבִּים׃

מב

וַיּוֹצִאֵנִי אֶל־הֶחָצֵר הַחִיצוֹנָה הַדֶּרֶךְ דֶּרֶךְ הַצָּפוֹן וַיְבִאֵנִי א
אֶל־הַלִּשְׁכָּה אֲשֶׁר נֶגֶד הַגִּזְרָה וַאֲשֶׁר־נֶגֶד הַבִּנְיָן אֶל־
הַצָּפוֹן׃ אֶל־פְּנֵי אֹרֶךְ אַמּוֹת הַמֵּאָה פֶּתַח הַצָּפוֹן וְהָרֹחַב ב
חֲמִשִּׁים אַמּוֹת׃ נֶגֶד הָעֶשְׂרִים אֲשֶׁר לֶחָצֵר הַפְּנִימִי וְנֶגֶד ג

ס א, טו׳ ואתוקיהא קרי   טז׳ כ״א שחיף   כ׳ נקוד עלה

[13] און ער האָט אָפּגעמאָסטן דאָס הויז, הונדערט איילן די לענג, און דעם אָפּגעזונדערטן אָרט, און דעם בנין מיט זיינע ווענט, הונדערט איילן די לענג; [14] און די ברייט פון דער פאָדערזייט פון דעם הויז און פון דעם אָפּגעזונדערטן אָרט צו מזרח, הונדערט איילן. [15] און ער האָט אָפּגעמאָסטן די לענג פון דעם בנין [פאַר לענגן] פון דעם אָפּגעזונדערטן אָרט, וואָס אויף זיין הינטערשטער זייט, און זיינע באַלקאָנען פון דער זייט און פון דער אַנדער זייט, הונדערט איילן.

און דער היכל, דער אינעווייניקסטער אָרט, און די פאָדערהייזער פון הויף, [16] די שוועלן, און די שמאָלע פענצטער, און די באַלקאָנען רונד אַרום זיי דרייען, אַקעגן די שוועלן, זיינען געווען באַטאָוולט מיט האָלץ רונד אַרום, און פון דער ערד ביז די פענצטער—און די פענצטער זיינען געווען פאַרדעקט—[17] ביז איבערן אַיינגאַנג, און ביז דעם אינעווייניקסטן הויז, און אויסנווייניק, און אויף דער גאַנצער וואַנט רונד אַרום, אינעווייניק און אויסנווייניק, לויט אַ מאָס. [18] און עס איז געווען געמאַכט מיט כרובים און טייטלביימער, און אַ טייטלבוים צווישן אַ כרוב און אַ כרוב; און צוויי פּנימער האָט געהאַט איטלעכער כרוב, [19] מיט דעם פּנים פון אַ מענטשן קעגן אַ טייטלבוים פון דער זייט, און דעם פּנים פון אַ יונגן לייב קעגן אַ טייטלבוים פון דער אַנדער זייט; געמאַכט אויפן גאַנצן הויז רונד אַרום. [20] פון דער ערד ביז איבערן אַיינגאַנג זיינען די כרובים און די טייטלביימער געווען געמאַכט; דעסגלייכן אויף דער וואַנט פון היכל. [21] און די ביישטידלעך פון היכל זיינען געווען פירעקעכדיק; און די פאָדערזייט פון דעם הייליקטום איז געווען אין אויסזען אַזוי ווי די זעאונג.

[22] און דער מזבח איז געווען פון האָלץ, דריי איילן הויך, און זיין לענג צוויי איילן; אי זיינע ווינקלען צו אים, אי זיין לענג, און זיינע ווענט, פון האָלץ. און ער האָט צו מיר געזאָגט: דאָס איז דער טיש וואָס פאַר גאָט.

[23] און צוויי טירן זיינען געווען צום היכל און צום הייליקטום. [24] און צוויי פליגלען האָבן די טירן געהאַט, צוויי דרייעדיקע פליגלען, צוויי אין איין טיר, און צוויי פליגלען אין דער אַנדערער. [25] און אויף זיי, אויף די טירן פון דעם היכל, זיינען געווען געמאַכט כרובים און טייטלביימער, אַזוי ווי זיי זיינען געמאַכט געווען אויף די ווענט; און אַ הילצערן באַלקנדעכל איז געווען פאָרנט פון פאָליש פון אויסנווייניק. [26] און שמאָלע פענצטער און טייטלביימער זיינען געווען פון דער זייט און פון דער אַנדער זייט, אויף די זייטן פון פאָליש, און אויף די זייטקאַמערן פון דעם הויז און די באַלקנדעכלעך.

מב [1] און ער האָט מיך אַרויסגעפירט אין דעם אויסנווייניקסטן הויף אויפן וועג צו צפון, און האָט מיך געבראַכט צו די קאַמערן וואָס אַקעגן דעם אָפּגעזונדערטן אָרט, און וואָס אַקעגן דעם בנין, צו צפון, [2] צו דער פאָדערזייט, הונדערט איילן די לענג, מיט דעם אַיינגאַנג אין צפון, און פופציק איילן די ברייט, [3] אַקעגן די צוואַנציק איילן פון דעם

הָרִצְפָּה אֲשֶׁר לֶחָצֵר הַחִיצוֹנָה אַתִּיק אֶל־פְּנֵי־אַתִּיק
ד בַּשְּׁלִשִׁים׃ וְלִפְנֵי הַלְּשָׁכוֹת מַהֲלַךְ עֶשֶׂר אַמּוֹת רֹחַב אֶל־
ה הַפְּנִימִית דֶּרֶךְ אַמָּה אֶחָת וּפִתְחֵיהֶם לַצָּפוֹן׃ וְהַלְּשָׁכוֹת
הָעֶלְיוֹנֹת קְצֻרוֹת כִּי־יוֹכְלוּ אַתִּיקִים מֵהֵנָּה מֵהַתַּחְתֹּנוֹת
ו וּמֵהַתִּיכֹנוֹת בִּנְיָן׃ כִּי מְשֻׁלָּשׁוֹת הֵנָּה וְאֵין לָהֶן עַמּוּדִים
כְּעַמּוּדֵי הַחֲצֵרוֹת עַל־כֵּן נֶאֱצַל מֵהַתַּחְתּוֹנוֹת וּמֵהַתִּיכֹנוֹת
ז מֵהָאָרֶץ׃ וְגָדֵר אֲשֶׁר־לַחוּץ לְעֻמַּת הַלְּשָׁכוֹת דֶּרֶךְ הֶחָצֵר
ח הַחִצוֹנָה אֶל־פְּנֵי הַלְּשָׁכוֹת אָרְכּוֹ חֲמִשִּׁים אַמָּה׃ כִּי־
אֹרֶךְ הַלְּשָׁכוֹת אֲשֶׁר לֶחָצֵר הַחִצוֹנָה חֲמִשִּׁים אַמָּה וְהִנֵּה
ט עַל־פְּנֵי הַהֵיכָל מֵאָה אַמָּה׃ וּמִתַּחַתה לְשָּׁכוֹת הָאֵלֶּה
י הַמֵּבוֹא מֵהַקָּדִים בְּבֹאוֹ לָהֵנָּה מֵהֶחָצֵר הַחִצֹנָה׃ בְּרֹחַב ׀
גֶּדֶר הֶחָצֵר דֶּרֶךְ הַקָּדִים אֶל־פְּנֵי הַגִּזְרָה וְאֶל־פְּנֵי הַבִּנְיָן
יא לְשָׁכוֹת׃ וְדֶרֶךְ לִפְנֵיהֶם כְּמַרְאֵה הַלְּשָׁכוֹת אֲשֶׁר דֶּרֶךְ
הַצָּפוֹן כְּאָרְכָּן כֵּן רָחְבָּן וְכֹל מוֹצָאֵיהֶן וּכְמִשְׁפְּטֵיהֶן
יב וּכְפִתְחֵיהֶן׃ וּכְפִתְחֵי הַלְּשָׁכוֹת אֲשֶׁר דֶּרֶךְ הַדָּרוֹם פֶּתַח
בְּרֹאשׁ דָּרֶךְ דֶּרֶךְ בִּפְנֵי הַגְּדֶרֶת הֲגִינָה דֶּרֶךְ הַקָּדִים
יג בְּבוֹאָן׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי לִשְׁכוֹת הַצָּפוֹן לִשְׁכוֹת הַדָּרוֹם אֲשֶׁר
אֶל־פְּנֵי הַגִּזְרָה הֵנָּה ׀ לִשְׁכוֹת הַקֹּדֶשׁ אֲשֶׁר יֹאכְלוּ־שָׁם
הַכֹּהֲנִים אֲשֶׁר־קְרוֹבִים לַיהוָה קָדְשֵׁי הַקֳּדָשִׁים שָׁם יַנִּיחוּ ׀
קָדְשֵׁי הַקֳּדָשִׁים וְהַמִּנְחָה וְהַחַטָּאת וְהָאָשָׁם כִּי הַמָּקוֹם
יד קָדֹשׁ׃ בְּבֹאָם הַכֹּהֲנִים וְלֹא־יֵצְאוּ מֵהַקֹּדֶשׁ אֶל־הֶחָצֵר
הַחִיצוֹנָה וְשָׁם יַנִּיחוּ בִגְדֵיהֶם אֲשֶׁר־יְשָׁרְתוּ בָהֶן כִּי־קֹדֶשׁ
טו הֵנָּה יִלְבְּשׁוּ בְּגָדִים אֲחֵרִים וְקָרְבוּ אֶל־אֲשֶׁר לָעָם׃ וְכִלָּה
אֶת־מִדּוֹת הַבַּיִת הַפְּנִימִי וְהוֹצִיאַנִי דֶּרֶךְ הַשַּׁעַר אֲשֶׁר
טז פָּנָיו דֶּרֶךְ הַקָּדִים וּמְדָדוֹ סָבִיב ׀ סָבִיב׃ מָדַד רוּחַ הַקָּדִים
בִּקְנֵה הַמִּדָּה חֲמֵשׁ־אמות קָנִים בִּקְנֵה הַמִּדָּה סָבִיב׃
יז מָדַד רוּחַ הַצָּפוֹן חֲמֵשׁ־מֵאוֹת קָנִים בִּקְנֵה הַמִּדָּה סָבִיב׃

ה׳ כי יאכלו  ט׳ ומתחת הלשכות קרי  המבוא קרי  יד׳ ילבשו קרי  טז׳ מאות ק׳

אינעווייניקסטן הויף, און אַקעגן דער פלאַסטערונג פון דעם אויסנווייניקסטן הויף, מיט אַ באַלקאָן קעגן אַ באַלקאָן אין דריטן שטאָק. [4] און פאַר די קאַמערן איז געווען אַ גאַנג, צען איילן די ברייט אינעווייניקצו, אַ וועג פון איין אייל; און זייערע אײַנגאַנגען זיינען געווען צו צפון. [5] און די אויבערשטע קאַמערן זיינען געווען קירצער— ווייל די באַלקאָנען האָבן אַוועקגענומען פון זיי—פון די אונטערשטע און פון די מיטלסטע אין דעם בנין. [6] וואָרום דרייגאָרנדיק זיינען זיי געווען, און זיי האָבן ניט געהאַט קיין זיילן אַזוי ווי די זיילן פון הויף, דרום איז אָפּגענומען געוואָרן, לגבי די אונטערשטע און די מיטלסטע, פון דעם באָדעם[א]. [7] און די מויער וואָס דרויסן אַקעגן די קאַמערן, צו דעם אויסנווייניקסטן הויף צו, פאָרנט פון די קאַמערן, איר לענג איז געווען פופציק איילן. [8] וואָרום די לענג פון די קאַמערן וואָס צום אויסנווייניקסטן הויף צו איז געווען פופציק איילן; אָבער זע, פאַר דעם טעמפּל איז געווען הונדערט איילן. [9] און אונטער דידאָזיקע קאַמערן איז געווען דער אײַנגאַנג פון מזרח, אַז מע איז געקומען צו זיי פון דעם אויסנווייניקסטן הויף. [10] אין דער ברייט פון דער מויער פון הויף צו מזרח, פאַר דעם אָפּגעזונדערטן אָרט, און פאַר דעם בנין, זיינען געווען קאַמערן, [11] מיט אַ וועג פאַר זיי; אַזוי ווי דאָס אויסזען פון די קאַמערן וואָס צו צפון, אַזוי ווי זייער לענג, און אַזוי ווי זייער ברייט, מיט אַלע זייערע אַרויסגאַנגען, און אַזוי ווי זייערע אײַנ־ריכטונגען; און אַזוי ווי זייערע טירן, [12] אַזוי אויך זיינען געווען די טירן פון די קאַמערן וואָס צו דָרום; אַ טיר איז געווען אין אָנהייב פון דעם וועג, דעם וועג וואָס גלייך פאַר דער מויער, אַקעגן מזרח, ווי מע קומט אין זיי אַריין.

[13] און ער האָט צו מיר געזאָגט: די קאַמערן פון צפון און די קאַמערן פון דָרום וואָס פאַר דעם אָפּגעזונדערטן אָרט, דאָס זיינען די הייליקע קאַמערן, וואָס די כּהנים וואָס זיינען נאָענט צו גאָט, זאָלן דאָרטן עסן די הייליקסטע הייליקייטן; דאָרטן זאָלן זיי אַוועקלייגן די הייליקסטע הייליקייטן, און דאָס שפּייזאָפּפער, און דאָס זינדאָפּפער, און דאָס שולד־אָפּפער, וואָרום דער אָרט איז הייליק. [14] אַז זיי גייען אַריין, די כּהנים, זאָלן זיי ניט אַרויסגיין פון דעם הייליקטום אין דעם אויסנווייניקסטן הויף, נייערט זיי זאָלן [אַפּריער] אַוועקלייגן דאָרטן זייערע קליידער וואָס זיי דינען אין זיי, וואָרום זיי זיינען הייליק; און זיי זאָלן אָנטאָן אַנדערע קליידער, און גענענען אין דעם [הויף] וואָס פאַרן פאָלק.

[15] און אַז ער האָט געענדיקט די מעסטונגען פון דעם אינעווייניקסטן הויז, האָט ער מיך אַרויסגעפירט דורך דעם טויער וואָס זיין פּאָדערזייט איז געווען צו מזרח, און ער האָט עס אָפּגעמאָסטן רונד אַרום. [16] ער האָט אָפּגעמאָסטן די מזרח־זייט מיט דעם מעסטשטאַנג, פינף הונדערט שטאַנגען מיט דעם מעסטשטאַנג רונד אַרום. [17] ער האָט אָפּגעמאָסטן די צפון־זייט, פינף הונדערט שטאַנגען מיט דעם מעסטשטאַנג רונד אַרום. [18] ער

[א] ד. ה. פון דעם באָדעם פון די אויבערשטע קאַמערן.

יח את רוח הדרום מדד חמש־מאות קנים בקנה המדה:
יט סבב אל־רוח הים מדד חמש־מאות קנים בקנה המדה:
כ לארבע רוחות מדדו חומה לו סביב | סביב ארך חמש
מאות ורחב חמש מאות להבדיל בין הקדש לחל:

מג

א ב ויולכני אל־השער שער אשר פנה דרך הקדים: והנה
כבוד אלהי ישראל בא מדרך הקדים וקולו כקול מים
ג רבים והארץ האירה מכבדו: וכמראה המראה אשר
ראיתי כמראה אשר־ראיתי בבאי לשחת את־העיר
ומראות כמראה אשר ראיתי אל־נהר כבר ואפל אל־
ד פני: וכבוד יהוה בא אל־הבית דרך שער אשר פניו
ה דרך הקדים: ותשאני רוח ותבאני אל־החצר הפנימי
ו והנה מלא כבוד־יהוה הבית: ואשמע מדבר אלי מהבית
ז ואיש היה עמד אצלי: ויאמר אלי בן־אדם את־מקום
כסאי ואת־מקום כפות רגלי אשר אשכן־שם בתוך בני־
ישראל לעולם ולא יטמאו עוד בית־ישראל שם קדשי
ח המה ומלכיהם בזנותם ובפגרי מלכיהם במותם: בתתם
ספם את־ספי ומזוזתם אצל מזוזתי והקיר ביני וביניהם
וטמאו | את־שם קדשי בתועבותם אשר עשו ואכל אתם
ט באפי: עתה ירחקו את־זנותם ופגרי מלכיהם ממני
י ושכנתי בתוכם לעולם: אתה בן־אדם הגד את־
בית־ישראל את־הבית ויכלמו מעונותיהם ומדדו את־
יא תכנית: ואם־נכלמו מכל אשר־עשו צורת הבית ותכונתו
ומוצאיו ומובאיו וכל־צורתו ואת כל־חקתיו וכל־צורתו
וכל־תורתו הודע אותם וכתב לעיניהם וישמרו את־כל־
יב צורתו ואת־כל־חקתיו ועשו אותם: זאת תורת הבית
על־ראש ההר כל־גבלו סביב | סביב קדש קדשים הנה־

ס נ, י׳ הפסקות תצה   יא׳ צורתו קרי והשני בב׳ טעמים   תורתיו קרי

האָט אָפּגעמאָסטן די דָרום־זייט, פינף הונדערט שטאַנגען מיט דעם מעסטשטאַנג. [19] ער האָט זיך אומגעדרייט צו מערב־זייט, און האָט אָפּגעמאָסטן פינף הונדערט שטאַנגען מיט דעם מעסטשטאַנג. [20] אויף פיר זייטן האָט ער עס אָפּגעמאָסטן; עס האָט געהאַט אַ מויער רונד אַרום, די לענג פינף הונדערט, און די ברייט פינף הונדערט, כּדי אָפּצושיידן צווישן הייליקן און אומהייליקן.

## מג

[1] און ער האָט מיך צוגעפירט צו דעם טויער— דעם טויער וואָס איז געווען געקערט צו מזרח. [2] ערשט די פּראַכט פון דעם גאָט פון ישׂראל איז אָנגעקומען פון דעם וועג פון מזרח, און זיין קָול איז געווען אַזוי ווי דער קָול פון גרויסע וואַסערן, און די ערד האָט אויפגעלויכטן פון זיין פּראַכט. [3] און דאָס אויסזען פון דער זעאונג וואָס איך האָב געזען, איז געווען אַזוי ווי די זעאונג וואָס איך האָב געזען ווען איך בין געקומען צו צעשטערן די שטאָט; און די זעאונגען זיינען געווען אַזוי ווי די זעאונג וואָס איך האָב געזען ביים טייך כּבָר; און איך בין געפאַלן אויף מיין פּנים. [4] און די פּראַכט פון גאָט איז אַריינגעגאַנגען אין הויז דורך דעם טויער וואָס זיין פּאָדערזייט איז געווען צו מזרח. [5] און אַ ווינט האָט מיך אויפגעהויבן, און האָט מיך געבראַכט אין דעם אינעווייניקסטן הויף, ערשט די פּראַכט פון גאָט האָט אָנגעפילט דאָס הויז. [6] און איך האָב געהערט רעדן צו מיר פון הויז, און אַ מאַן איז געשטאַנען לעבן מיר. [7] און ער האָט צו מיר געזאָגט: מענטשנקינד, דאָס איז דער אָרט פון מיין טראָן, און דער אָרט פון מיינע פוסטריט, וואָס איך וועל דאָרטן רוען צווישן די קינדער פון ישׂראל אויף אייביק; און דאָס הויז פון ישׂראל וועלן מער ניט פאַראומרייניקן מיין הייליקן נאָמען, זיי און זייערע מלכים, מיט זייער זנות, און מיט די פּגרים פון זייערע מלכים אויף זייערע בָמות; [8] מיט זייער שטעלן זייער שוועל לעבן מיין שוועל, און זייער ביישטידל לעבן מיין ביישטידל, מיט בלויז אַ וואַנט צווישן מיר און צווישן זיי; און זיי פלעגן פאַראומרייניקן מיין הייליקן נאָמען מיט זייערע אומווערדיקייטן וואָס זיי האָבן געטאָן, וואָס דרום האָב איך זיי פאַרלענדט אין מיין צאָרן. [9] אַצונד וועלן זיי דערווייטערן פון מיר זייער זנות, און די פּגרים פון זייערע מלכים, און איך וועל רוען צווישן זיי אויף אייביק.

[10] דו מענטשנקינד, דערצייל דעם הויז פון ישׂראל וועגן דעם הויז, כּדי זיי זאָלן זיך שעמען מיט זייערע זינד; און זאָלן זיי נאָכמעסטן דעם פּלאַן. [11] און אַז זיי וועלן זיך שעמען מיט אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן, מאַך זיי וויסן דאָס געמעל פון דעם הויז און זיין געשטעל, און זיינע אויסגאַנגען און זיינע איינגאַנגען, און אַלע זיינע געמעלן, און אַלע זיינע געזעצן, יאָ, אַלע זיינע געמעלן, און אַלע זיינע דינים, און שרייב אויף פאַר זייערע אויגן, כּדי זיי זאָלן אָפּהיטן אַל זיין געמעל און אַלע זיינע געזעצן, און זיי טאָן.

[12] דאָס איז דער דין פון דעם הויז: זיין גאַנצער געמאַרק אויפן שפּיץ באַרג רונד אַרום זאָל זיין אַ הייליקסטע הייליקייט. זע, דאָס איז דאָס געזעץ פאַר דעם הויז.

13 און דאָס זיינען די מאָסן פון דעם מזבח אין איילן–
איטלעכע איל אַן איל מיט אַ האַנטברייט; דער גרונט אַן
איל, און אַן איל די ברייט, און זיין ראַנד ביי זיין ברעג
רונד אַרום איין שפּאַן; און דאָס איז דאָס אונטערגעשטעל
פון מזבח. 14 און פון דעם גרונט אויף דער ערד ביזן
אונטערשטן אָפּשפּרונג צוויי איילן, און די ברייט איין איל;
און פון דעם קלענערן אָפּשפּרונג ביזן גרעסערן אָפּשפּרונג
פיר איילן, און די ברייט אַן איל. 15 און דער פייעראָרט
פיר איילן, און פון דעם פייעראָרט און אַרויפצו פיר
הערנער. 16 און דער פייעראָרט צוועלף די לענג אויף
צוועלף די ברייט, פירעקעכדיק אין זיינע פיר זייטן.
17 און דער אָפּשפּרונג פערצן די לענג אויף פערצן די
ברייט, אויף זיינע פיר זייטן; און דער ראַנד רונד אַרום
אים אַ האַלבע איל; און דער גרונט צו אים אַן איל רונד
אַרום; און זיינע טרעפּ געקערט צו מזרח.

18 און ער האָט צו מיר געזאָגט: מענטשנקינד, אַזוי
האָט געזאָגט גאָט דער האַר: דאָס זיינען די געזעצן פון
מזבח אין דעם טאָג וואָס ער ווערט געמאַכט, כדי אויפ־
צוברענגען אויף אים בראַנדאָפּפער, און צו שפּרענגען
אויף אים בלוט. 19 זאָלסט געבן צו די כּהנים פון שבט
לֵוִי וואָס זיינען פון דעם זאָמען פון צָדוֹק, די וואָס זיינען
נאָנט צו מיר צו דינען, זאָגט גאָט דער האַר, אַ יונגן אָקס
פאַר אַ זינדאָפּפער. 20 און זאָלסט נעמען פון זיין בלוט,
און אַרויפטאָן אויף זיינע פיר הערנער, און אויף די פיר
ווינקלען פון דעם אָפּשפּרונג, און אויף דעם ראַנד רונד אַרום; און זאָלסט אים ריייניקן, און מכפּר זיין אויף אים.
21 און זאָלסט נעמען דעם אָקס, דאָס זינדאָפּפער, און מע זאָל אים פאַרברענען אין אַ באַשטימטן אָרט פון הויז,
דרויסן פון הייליקטום. 22 און אויפן צווייטן טאָג זאָלסטו מקריב זיין אַ ציגנבאָק אָן אַ פעלער פאַר אַ זינדאָפּפער, און
מע זאָל ריייניקן דעם מזבח, אַזוי ווי מע האָט געריייניקט מיטן אָקס. 23 אַז דו ענדיקסט ריייניקן, זאָלסטו מקריב זיין אַ יונגן
אָקס אָן אַ פעלער, און אַ ווידער פון שאָף אָן אַ פעלער. 24 און זאָלסט זיי געגנענען פאַר גאָט, און די כּהנים זאָלן אַרויפ־
וואַרפן אויף זיי אַלץ, און זיי אויפברענגען פאַר אַ בראַנדאָפּפער צו גאָט. 25 זיבן טעג זאָלסטו מאַכן אַ ציגנבאָק אַ
זינדאָפּפער איטלעכן טאָג; אויך אַ יונגן אָקס, און אַ ווידער פון שאָף, אָן אַ פעלער, זאָל מען מאַכן. 26 זיבן טעג זאָל
מען מכפּר זיין אויפן מזבח, און אים ריייניקן און אים הייליקן[א]. 27 און אַז מע וועט ענדיקן די טעג, איז, פון אַכטן טאָג און
ווייטער זאָלן די כּהנים מאַכן אויפן מזבח אייערע בראַנדאָפּפער און אייערע פרידאָפּפער, און איך וועל אייך
באַוויליקן, זאָגט גאָט דער האַר.

[א] נעווי: דערפילן זיין האַנט.

יג זֹאת תּוֹרַת הַבָּיִת׃ וְאֵלֶּה מִדּוֹת הַמִּזְבֵּחַ בָּאַמּוֹת אַמָּה
אַמָּה וָטֹפַח וְחֵיק הָאַמָּה וְאַמָּה־רֹחַב וּגְבוּלָהּ אֶל־שְׂפָתָהּ
יד סָבִיב זֶרֶת הָאֶחָד וְזֶה גַּב הַמִּזְבֵּחַ׃ וּמֵחֵיק הָאָרֶץ עַד־
הָעֲזָרָה הַתַּחְתּוֹנָה שְׁתַּיִם אַמּוֹת וְרֹחַב אַמָּה אֶחָת
וּמֵהָעֲזָרָה הַקְּטַנָּה עַד־הָעֲזָרָה הַגְּדוֹלָה אַרְבַּע אַמּוֹת
טו וְרֹחַב הָאַמָּה׃ וְהַהַרְאֵל אַרְבַּע אַמּוֹת וּמֵהָאֲרִאֵיל וּלְמַעְלָה
טז הַקְּרָנוֹת אַרְבַּע׃ וְהָאֲרִאֵיל שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה אֹרֶךְ בִּשְׁתֵּים
יז עֶשְׂרֵה רֹחַב רָבוּעַ אֶל אַרְבַּעַת רְבָעָיו׃ וְהָעֲזָרָה אַרְבַּע
עֶשְׂרֵה אֹרֶךְ בְּאַרְבַּע עֶשְׂרֵה רֹחַב אֶל אַרְבַּעַת רְבָעֶיהָ
וְהַגְּבוּל סָבִיב אוֹתָהּ חֲצִי הָאַמָּה וְהַחֵיק־לָהּ אַמָּה סָבִיב
יח וּמַעֲלֹתֵהוּ פְּנוֹת קָדִים׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי בֶּן־אָדָם כֹּה אָמַר
אֲדֹנָי יֱהֹוִה אֵלֶּה חֻקּוֹת הַמִּזְבֵּחַ בְּיוֹם הֵעָשׂוֹתוֹ לְהַעֲלוֹת
יט עָלָיו עוֹלָה וְלִזְרֹק עָלָיו דָּם׃ וְנָתַתָּה אֶל־הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם
אֲשֶׁר הֵם מִזֶּרַע צָדוֹק הַקְּרֹבִים אֵלַי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה
כ לְשָׁרְתֵנִי פַּר בֶּן־בָּקָר לְחַטָּאת׃ וְלָקַחְתָּ מִדָּמוֹ וְנָתַתָּה עַל־
אַרְבַּע קַרְנֹתָיו וְאֶל־אַרְבַּע פִּנּוֹת הָעֲזָרָה וְאֶל־הַגְּבוּל
כא סָבִיב וְחִטֵּאתָ אוֹתוֹ וְכִפַּרְתָּהוּ׃ וְלָקַחְתָּ אֵת הַפָּר הַחַטָּאת
כב וּשְׂרָפוֹ בְּמִפְקַד הַבַּיִת מִחוּץ לַמִּקְדָּשׁ׃ וּבַיּוֹם הַשֵּׁנִי תַּקְרִיב
שְׂעִיר־עִזִּים תָּמִים לְחַטָּאת וְחִטְּאוּ אֶת־הַמִּזְבֵּחַ כַּאֲשֶׁר
כג חִטְּאוּ בַּפָּר׃ בְּכַלּוֹתְךָ מֵחַטֵּא תַּקְרִיב פַּר בֶּן־בָּקָר תָּמִים
כד וְאַיִל מִן־הַצֹּאן תָּמִים׃ וְהִקְרַבְתָּם לִפְנֵי יְהֹוָה וְהִשְׁלִיכוּ
כה הַכֹּהֲנִים עֲלֵיהֶם מֶלַח וְהֶעֱלוּ אוֹתָם עֹלָה לַיהֹוָה׃ שִׁבְעַת
יָמִים תַּעֲשֶׂה שְׂעִיר־חַטָּאת לַיּוֹם וּפַר בֶּן־בָּקָר וְאַיִל מִן־
כו הַצֹּאן תְּמִימִים יַעֲשׂוּ׃ שִׁבְעַת יָמִים יְכַפְּרוּ אֶת־הַמִּזְבֵּחַ
כז וְטִהֲרוּ אֹתוֹ וּמִלְאוּ יָדוֹ׃ וִיכַלּוּ אֶת־הַיָּמִים וְהָיָה בַיּוֹם
הַשְּׁמִינִי וָהָלְאָה יַעֲשׂוּ הַכֹּהֲנִים עַל־הַמִּזְבֵּחַ אֶת־עוֹלוֹתֵיכֶם
וְאֶת־שַׁלְמֵיכֶם וְרָצָאתִי אֶתְכֶם נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃

טו׳ ומהאריאל קרי   טז׳ והאריאל קרי   כ׳ נ״א אל   כו׳ למדנחאי וכפת כתיב
יכפרו ק   ידיו ק   כז׳ א׳ במקום י׳   עד כאן

מד

א וַיָּשֶׁב אֹתִי דֶּרֶךְ שַׁעַר הַמִּקְדָּשׁ הַחִיצוֹן הַפֹּנֶה קָדִים וְהוּא
ב סָגוּר׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי יְהוָה הַשַּׁעַר הַזֶּה סָגוּר יִהְיֶה לֹא
יִפָּתֵחַ וְאִישׁ לֹא־יָבֹא בוֹ כִּי יְהוָה אֱלֹהֵי־יִשְׂרָאֵל בָּא בוֹ
ג וְהָיָה סָגוּר׃ אֶת־הַנָּשִׂיא נָשִׂיא הוּא יֵשֶׁב־בּוֹ לֶאֱכוֹל־לֶחֶם
לִפְנֵי יְהוָה מִדֶּרֶךְ אוּלָם הַשַּׁעַר יָבוֹא וּמִדַּרְכּוֹ יֵצֵא׃
ד וַיְבִיאֵנִי דֶּרֶךְ־שַׁעַר הַצָּפוֹן אֶל־פְּנֵי הַבַּיִת וָאֵרֶא וְהִנֵּה מָלֵא
ה כְבוֹד־יְהוָה אֶת־בֵּית יְהוָה וָאֶפֹּל אֶל־פָּנָי׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי
יְהוָה בֶּן־אָדָם שִׂים לִבְּךָ וּרְאֵה בְעֵינֶיךָ וּבְאָזְנֶיךָ שְּׁמָע אֵת
כָּל־אֲשֶׁר אֲנִי מְדַבֵּר אֹתָךְ לְכָל־חֻקּוֹת בֵּית־יְהוָה וּלְכָל־
תּוֹרֹתָו וְשַׂמְתָּ לִבְּךָ לִמְבוֹא הַבַּיִת בְּכֹל מוֹצָאֵי הַמִּקְדָּשׁ׃
ו וְאָמַרְתָּ אֶל־מֶרִי אֶל־בֵּית יִשְׂרָאֵל כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה
ז רַב־לָכֶם מִכָּל־תּוֹעֲבוֹתֵיכֶם בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ בַּהֲבִיאֲכֶם בְּנֵי־
נֵכָר עַרְלֵי־לֵב וְעַרְלֵי בָשָׂר לִהְיוֹת בְּמִקְדָּשִׁי לְחַלְּלוֹ אֶת־
בֵּיתִי בְּהַקְרִיבְכֶם אֶת־לַחְמִי חֵלֶב וָדָם וַיָּפֵרוּ אֶת־בְּרִיתִי
ח אֶל כָּל־תּוֹעֲבוֹתֵיכֶם׃ וְלֹא שְׁמַרְתֶּם מִשְׁמֶרֶת קָדָשָׁי
ט וַתְּשִׂימוּן לְשֹׁמְרֵי מִשְׁמַרְתִּי בְּמִקְדָּשִׁי לָכֶם׃ כֹּה־אָמַר
אֲדֹנָי יְהוִה כָּל־בֶּן־נֵכָר עֶרֶל לֵב וְעֶרֶל בָּשָׂר לֹא יָבוֹא
י אֶל־מִקְדָּשִׁי לְכָל־בֶּן־נֵכָר אֲשֶׁר בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ כִּי
אִם־הַלְוִיִּם אֲשֶׁר רָחֲקוּ מֵעָלַי בִּתְעוֹת יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר תָּעוּ
יא מֵעָלַי אַחֲרֵי גִּלּוּלֵיהֶם וְנָשְׂאוּ עֲוֺנָם׃ וְהָיוּ בְמִקְדָּשִׁי מְשָׁרְתִים
פְּקֻדּוֹת אֶל־שַׁעֲרֵי הַבַּיִת וּמְשָׁרְתִים אֶת־הַבָּיִת הֵמָּה
יִשְׁחֲטוּ אֶת־הָעֹלָה וְאֶת־הַזֶּבַח לָעָם וְהֵמָּה יַעַמְדוּ לִפְנֵיהֶם
יב לְשָׁרְתָם׃ יַעַן אֲשֶׁר יְשָׁרְתוּ אוֹתָם לִפְנֵי גִלּוּלֵיהֶם וְהָיוּ
לְבֵית־יִשְׂרָאֵל לְמִכְשׁוֹל עָוֺן עַל־כֵּן נָשָׂאתִי יָדִי עֲלֵיהֶם
יג נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה וְנָשְׂאוּ עֲוֺנָם׃ וְלֹא־יִגְּשׁוּ אֵלַי לְכַהֵן לִי
וְלָגֶשֶׁת עַל־כָּל־קֳדָשַׁי אֶל־קָדְשֵׁי הַקְּדָשִׁים וְנָשְׂאוּ כְּלִמָּתָם

ג׳ יתיר ו׳ ה׳ קמץ בלא אס״ף תורתו קרי ו׳ ב׳ טעמים
ט׳ סבירין יבאו

## מד

[1] און ער האָט מיך צוריקגעבראַכט אויפן וועג צום אויסנווייניקסטן טויער פון דעם הייליקטום וואָס איז געווען געקערט צו מזרח, און ער איז געווען פאַרשלאָסן. [2] און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: דער דאָזיקער טויער זאָל זיין פאַרשלאָסן, עס זאָל ניט געעפנט ווערן, און קיינער זאָל דורך אים ניט אַריינגיין, וואָרום יהוה דער גאָט פון ישׂראל איז אַריינגעגאַנגען דורך אים, דרום זאָל ער זיין פאַרשלאָסן. [3] דער פירשט, וויל ער איז אַ פירשט, ער מעג זיצן דרינען צו עסן ברויט פאַר גאָט; דורכן פירהויז פון טויער זאָל ער אַריינגיין, און דורך אים זאָל ער אַרויסגיין.

[4] און ער האָט מיך געבראַכט דורך דעם טויער פון צפון צו דער פאָדערזייט פון הויז, און איך האָב געזען, ערשט די פראַכט פון גאָט האָט אָנגעפילט דאָס הויז פון גאָט; בין איך געפאַלן אויף מיין פנים. [5] און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: מענטשנקינד, לייג צו דיין האַרץ, און זע מיט דיינע אויגן, און מיט דיינע אויערן הער, אַלץ וואָס איך רעד מיט דיר וועגן אַלע געזעצן פון דעם הויז פון גאָט, און וועגן אַלע זיינע דינים; און זאָלסט צולייגן דיין האַרץ צו דעם אַיינגאַנג פון דעם הויז מיט אַלע אויסגאַנגען פון דעם הייליקטום. [6] און זאָלסט זאָגן צו די ווידערשפעניקע, צו דעם הויז פון ישׂראל: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: גענוג אַייך פון אַלע אַייערע אומווערדיקייטן, הויז פון ישׂראל, [7] מיט אַייער ברענגען פרעמדגעבאָרענע, אומבאַשניטענע אין האַרצן און אומבאַשניטענע אין פלייש, צו זיין אין מיין הייליקטום, כדי עס צו פאַרשוועכן–מיין הויז, ווען איר זייט מקריב מיין שפּייז, דאָס פעטס און דאָס בלוט; און זיי האָבן פאַרשטערט מיין בונד, צו אַלע אַייערע אַנדערע אומווערדיקייטן. [8] און איר האָט ניט געהיט די היטונג פון מיינע הייליקייטן, און האָט אַייך זיי געמאַכט פאַר היטער פון מיין היטונג אין מיין הייליקטום.

[9] אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: קיין פרעמדגעבאָרענער, אומבאַשניטן אין האַרצן און אומבאַשניטן אין פלייש, זאָל ניט אַריינקומען אין מיין הייליקטום–קיין פרעמדגעבאָרענער וואָס צווישן די קינדער פון ישׂראל. [10] נייערט די לוִיִים וואָס האָבן זיך דערווייטערט פון מיר, ווען די ישׂראל האָבן אַוועקגעבלאָנדזשעט, די וואָס האָבן אַוועקגעבלאָנדזשעט פון מיר נאָך זייערע אָפּגעטער, זיי זאָלן טראָגן זייער זינד; [11] און זיי זאָלן זיין משָׁרתים אין מיין הייליקטום, געשטעלטע ביי די טויערן פון הויז, און משָׁרתים פון דעם הויז; זיי זאָלן שעכטן דאָס בראַנדאָפּפער און דעם שלאַכטאָפּפער פאַרן פאָלק, און זיי זאָלן שטיין פאַר זיי, זיי צו באַדינען. [12] ווייל זיי פלעגן זיי באַדינען פאַר זייערע אָפּגעטער, און פלעגן זיין דעם הויז פון ישׂראל פאַר אַ שטרויכלונג צו זינד, דרום האָב איך אויפגעהויבן מיין האַנט[א] וועגן זיי, זאָגט גאָט דער האַר, אַז זיי זאָלן טראָגן זייער זינד; [13] און זיי זאָלן ניט גענענען צו מיר צו טאָן כֹּהדינסט צו מיר, און צו גענענען צו אַלע מיינע הייליקייטן, צו די הייליקסטע הייליקייטן; און זיי זאָלן טראָגן זייער שאַנד, און זייערע

[א] געשוואָרן.

אומווערדיקייטן וואָס זיי האָבן געטאָן. 14 און איך וועל זיי מאַכן פאַר היטער פון דער היטונג פון הויז, פאַר אַל זיין דינסט, און פאַר אַלץ וואָס דאַרף געטאָן ווערן אין אים.

15 אָבער די כֹּהנים פון שבט לֵוִי, די קינדער פון צָדוֹק, וואָס האָבן געהיט די היטונג פון מיין הייליקטום, ווען די קינדער פון ישׂראל האָבן אַוועקגעבלאָנדזשעט פון מיר, זיי זאָלן גענענען צו מיר, מיר צו דינען, און זיי זאָלן שטיין פאַר מיר, מקריב צו זיין צו מיר דאָס פעטס און דאָס בלוט, זאָגט גאָט דער האַר. 16 זיי זאָלן קומען אין מיין הייליקטום, און זיי זאָלן נענענען צו מיין טיש, מיר צו דינען, און זיי זאָלן היטן מיין היטונג. 17 און עס זאָל זיין, אַז זיי גייען אַריין אין די טויערן פון דעם אינעווייניקסטן הויף, זאָלן זיי אָנטאָן פלאַקסענע קליידער, און וואָל זאָל ניט אַרויפקומען אויף זיי, ווען זיי דינען אין די טויערן פון דעם אינעווייניקסטן הויף, אָדער אינעווייניק. 18 פלאַקסענע קאָפּדעקן זאָלן זיין אויף זייערע קעפּ, און ליינענע הויזן זאָלן זיין אויף זייערע לענדן; זיי זאָלן זיך ניט אָנגורטן מיט אַ שוויציקער זאַך. 19 און אַז זיי גייען אַרויס אין דעם אויסנווייניקסטן הויף—אין דעם אויסנווייניקסטן הויף צום פאָלק, זאָלן זיי אויסטאָן זייערע קליידער וואָס זיי דינען אין זיי, און זיי אַוועקלייגן אין די הייליקע קאַמערן, און אָנטאָן אַנדערע קליידער, כּדי זיי זאָלן ניט מאַכן הייליק דאָס פאָלק מיט זייערע קליידער.

20 און זייער קאָפּ זאָלן זיי ניט גאָלן, און לאַנגע האָר זאָלן זיי ניט פאַרלאָזן; צוויקן זאָלן זיי אַרומצוויקן זייערע קעפּ. 21 און וויין זאָל קיין כֹּהן ניט טרינקען, ווען זיי גייען אַריין אין דעם אינעווייניקסטן הויף. 22 און אַן אַלמנה און אַ גרושה זאָלן זיי זיך ניט נעמען פאַר ווייבער, נאָר בלויז יונגפרויען פון דעם זאָמען פון דעם הויז פון ישׂראל; אָבער די אַלמנה וואָס איז אַן אַלמנה פון אַ כֹּהן, מעגן זיי נעמען. 23 און זיי זאָלן מיין פאָלק לערנען צווישן הייליקן און אומהייליקן, און זיי מאַכן וויסן צווישן ריינעם און אומריינעם. 24 און ביי אַ שטרייטזאַך זאָלן זיי שטיין צו משפּטן; מיט מיינע משפּטים זאָלן זיי אים משפּטן; און מיינע דינים און מיינע געזעצן אין אַלע מיינע יָום־טוֹבים זאָלן זיי היטן, און מיינע שבּתים זאָלן זיי האַלטן הייליק. 25 און צו אַ טויטן מענטשן זאָל ער ניט צוגיין צו ווערן אומריין; נאָר בלויז אָן אַ פאָטער, און אָן אַ מוטער, און אָן אַ זון, און אָן אַ טאָכטער, אָן אַ ברודער, און אָן אַ שוועסטער וואָס האָט נאָך ניט געהאַט קיין מאַן, מעגן זיי זיך פאַראומריייניקן. 26 און נאָך זיין רייניקונג זאָל מען אים ציילן זיבן טעג. 27 און אין דעם טאָג וואָס ער קומט אין הייליקטום, אין דעם אינעווייניקסטן הויף, צו דינען אין הייליקטום, זאָל ער מקריב זיין זיין זינדאָפּפער, זאָגט גאָט דער האַר. 28 און דאָס זאָל זיי זיין פאַר אַ נחלה: איך בין זייער נחלה; און קיין אייגנטום זאָלט איר זיי ניט געבן אין ישׂראל: איך בין זייער אייגנטום. 29 דאָס שפּייזאָפּפער, און דאָס זינדאָפּפער,

יד וְתוֹעֲבוֹתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ׃ וְנָתַתִּי אוֹתָם שֹׁמְרֵי מִשְׁמֶרֶת
טו הַבָּיִת לְכֹל עֲבֹדָתוֹ וּלְכֹל אֲשֶׁר יֵעָשֶׂה בּוֹ׃ וְהַכֹּהֲנִים
הַלְוִיִּם בְּנֵי צָדוֹק אֲשֶׁר שָׁמְרוּ אֶת־מִשְׁמֶרֶת מִקְדָּשִׁי בִּתְעוֹת
בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל מֵעָלַי הֵמָּה יִקְרְבוּ אֵלַי לְשָׁרְתֵנִי וְעָמְדוּ לְפָנַי
טז לְהַקְרִיב לִי חֵלֶב וָדָם נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ הֵמָּה יָבֹאוּ אֶל־
מִקְדָּשִׁי וְהֵמָּה יִקְרְבוּ אֶל־שֻׁלְחָנִי לְשָׁרְתֵנִי וְשָׁמְרוּ אֶת־
יז מִשְׁמַרְתִּי׃ וְהָיָה בְּבוֹאָם אֶל־שַׁעֲרֵי הֶחָצֵר הַפְּנִימִית בִּגְדֵי
פִשְׁתִּים יִלְבָּשׁוּ וְלֹא־יַעֲלֶה עֲלֵיהֶם צֶמֶר בְּשָׁרְתָם בְּשַׁעֲרֵי
יח הֶחָצֵר הַפְּנִימִית וָבָיְתָה׃ פַּאֲרֵי פִשְׁתִּים יִהְיוּ עַל־רֹאשָׁם
וּמִכְנְסֵי פִשְׁתִּים יִהְיוּ עַל־מָתְנֵיהֶם לֹא יַחְגְּרוּ בַּיָּזַע׃
יט וּבְצֵאתָם אֶל־הֶחָצֵר הַחִיצוֹנָה אֶל־הֶחָצֵר הַחִיצוֹנָה אֶל־
הָעָם יִפְשְׁטוּ אֶת־בִּגְדֵיהֶם אֲשֶׁר־הֵמָּה מְשָׁרְתִם בָּם
וְהִנִּיחוּ אוֹתָם בְּלִשְׁכֹת הַקֹּדֶשׁ וְלָבְשׁוּ בְּגָדִים אֲחֵרִים וְלֹא־
כ יְקַדְּשׁוּ אֶת־הָעָם בְּבִגְדֵיהֶם׃ וְרֹאשָׁם לֹא יְגַלֵּחוּ וּפֶרַע
כא לֹא יְשַׁלֵּחוּ כָּסוֹם יִכְסְמוּ אֶת־רָאשֵׁיהֶם׃ וְיַיִן לֹא־יִשְׁתּוּ
כב כָּל־כֹּהֵן בְּבוֹאָם אֶל־הֶחָצֵר הַפְּנִימִית׃ וְאַלְמָנָה וּגְרוּשָׁה
לֹא־יִקְחוּ לָהֶם לְנָשִׁים כִּי אִם־בְּתוּלֹת מִזֶּרַע בֵּית יִשְׂרָאֵל
כג וְהָאַלְמָנָה אֲשֶׁר תִּהְיֶה אַלְמָנָה מִכֹּהֵן יִקָּחוּ׃ וְאֶת־עַמִּי
כד יוֹרוּ בֵּין קֹדֶשׁ לְחֹל וּבֵין־טָמֵא לְטָהוֹר יוֹדִעֻם׃ וְעַל־רִיב
הֵמָּה יַעַמְדוּ לְשָׁפֹּט בְּמִשְׁפָּטַי וּשְׁפָטֻהוּ וְאֶת־תּוֹרֹתַי
וְאֶת־חֻקֹּתַי בְּכָל־מוֹעֲדַי יִשְׁמֹרוּ וְאֶת־שַׁבְּתוֹתַי יְקַדֵּשׁוּ׃
כה וְאֶל־מֵת אָדָם לֹא יָבוֹא לְטָמְאָה כִּי אִם־לְאָב וּלְאֵם וּלְבֵן
כו וּלְבַת לְאָח וּלְאָחוֹת אֲשֶׁר־לֹא־הָיְתָה לְאִישׁ יִטַּמָּאוּ׃ וְאַחֲרֵי
כז טָהֳרָתוֹ שִׁבְעַת יָמִים יִסְפְּרוּ־לוֹ׃ וּבְיוֹם בֹּאוֹ אֶל־הַקֹּדֶשׁ
אֶל־הֶחָצֵר הַפְּנִימִית לְשָׁרֵת בַּקֹּדֶשׁ יַקְרִיב חַטָּאתוֹ נְאֻם
כח אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ וְהָיְתָה לָהֶם לְנַחֲלָה אֲנִי נַחֲלָתָם וַאֲחֻזָּה
כט לֹא־תִתְּנוּ לָהֶם בְּיִשְׂרָאֵל אֲנִי אֲחֻזָּתָם׃ הַמִּנְחָה וְהַחַטָּאת

---

טו׳ הפטרת אמור   כ ד׳ למשפט קרי   ישפטהו קרי   כה׳ סבירין יבאו

וְהָאָשָׁם הֵמָּה יֹאכְלוּם וְכָל־חֵרֶם בְּיִשְׂרָאֵל לָהֶם יִהְיֶה׃
וְרֵאשִׁית כָּל־בִּכּוּרֵי כֹל וְכָל־תְּרוּמַת כֹּל מִכֹּל תְּרוּמוֹתֵיכֶם ל
לַכֹּהֲנִים יִהְיֶה וְרֵאשִׁית עֲרִסוֹתֵיכֶם תִּתְּנוּ לַכֹּהֵן לְהָנִיחַ
בְּרָכָה אֶל־בֵּיתֶךָ׃ כָּל־נְבֵלָה וּטְרֵפָה מִן־הָעוֹף וּמִן לא
הַבְּהֵמָה לֹא יֹאכְלוּ הַכֹּהֲנִים׃

מה

וּבְהַפִּילְכֶם אֶת־הָאָרֶץ בְּנַחֲלָה תָּרִימוּ תְרוּמָה לַיהוָה א
קֹדֶשׁ מִן־הָאָרֶץ אֹרֶךְ חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים אֶלֶף אֹרֶךְ וְרֹחַב
עֲשָׂרָה אָלֶף קֹדֶשׁ־הוּא בְכָל־גְּבוּלָהּ סָבִיב׃ יִהְיֶה מִזֶּה ב
אֶל־הַקֹּדֶשׁ חֲמֵשׁ מֵאוֹת בַּחֲמֵשׁ מֵאוֹת מְרֻבָּע סָבִיב
וַחֲמִשִּׁים אַמָּה מִגְרָשׁ לוֹ סָבִיב׃ וּמִן־הַמִּדָּה הַזֹּאת תָּמוֹד ג
אֹרֶךְ חֲמֵשׁ וְעֶשְׂרִים אֶלֶף וְרֹחַב עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים וּבוֹ־יִהְיֶה
הַמִּקְדָּשׁ קֹדֶשׁ קֳדָשִׁים׃ קֹדֶשׁ מִן־הָאָרֶץ הוּא לַכֹּהֲנִים ד
מְשָׁרְתֵי הַמִּקְדָּשׁ יִהְיֶה הַקְּרֵבִים לְשָׁרֵת אֶת־יְהוָה וְהָיָה
לָהֶם מָקוֹם לְבָתִּים וּמִקְדָּשׁ לַמִּקְדָּשׁ׃ וַחֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים ה
אֶלֶף אֹרֶךְ וַעֲשֶׂרֶת אֲלָפִים רֹחַב יִהְיֶה לַלְוִיִּם מְשָׁרְתֵי
הַבַּיִת לָהֶם לַאֲחֻזָּה עֶשְׂרִים לְשָׁכֹת׃ וַאֲחֻזַּת הָעִיר תִּתְּנוּ ו
חֲמֵשֶׁת אֲלָפִים רֹחַב וְאֹרֶךְ חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים אֶלֶף לְעֻמַּת
תְּרוּמַת הַקֹּדֶשׁ לְכָל־בֵּית יִשְׂרָאֵל יִהְיֶה׃ וְלַנָּשִׂיא מִזֶּה ז
וּמִזֶּה לִתְרוּמַת הַקֹּדֶשׁ וְלַאֲחֻזַּת הָעִיר אֶל־פְּנֵי תְרוּמַת
הַקֹּדֶשׁ וְאֶל־פְּנֵי אֲחֻזַּת הָעִיר מִפְּאַת יָם יָמָּה וּמִפְּאַת
קֵדְמָה קָדִימָה וְאֹרֶךְ לְעֻמּוֹת אַחַד הַחֲלָקִים מִגְּבוּל יָם
אֶל־גְּבוּל קָדִימָה׃ לָאָרֶץ יִהְיֶה־לּוֹ לַאֲחֻזָּה בְּיִשְׂרָאֵל וְלֹא־ ח
יוֹנוּ עוֹד נְשִׂיאַי אֶת־עַמִּי וְהָאָרֶץ יִתְּנוּ לְבֵית־יִשְׂרָאֵל
לְשִׁבְטֵיהֶם׃ כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה רַב־לָכֶם נְשִׂיאֵי ט
יִשְׂרָאֵל חָמָס וָשֹׁד הָסִירוּ וּמִשְׁפָּט וּצְדָקָה עֲשׂוּ הָרִימוּ
גְרֻשֹׁתֵיכֶם מֵעַל עַמִּי נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה׃ מֹאזְנֵי־צֶדֶק וְאֵיפַת־ י

מ״ד, ל״א ע״ד כאן   מ״ה, ג׳ חמשה קרי   ה׳ והיה קרי

און דאָס שולדאָפּפער, דאָס זאָלן זיי עסן; און איטלעכער חרם אין ישׂראל זאָל געהערן צו זיי. [30] און דאָס ערשטע פון אַלע ערשטצייטיקע פון אַלץ, און איטלעכע אָפּשיידונג פון וואָס עס איז, פון אַלע אײַערע אָפּשיידונגען, זאָל געהערן צו די כּהנים; אויך דאָס ערשטע פון אײַערע טייגמולטערס זאָלט איר געבן צום כּהן, כּדי צו מאַכן רוען אַ ברכה אויף דײַן הויז. [31] קיין געפאַלנס און פאַרצוקטס פון עופות און פון בהמות זאָלן די כּהנים ניט עסן.

# מה

[1] און אַז איר וואַרפט אויס דאָס לאַנד פאַר אַ נחלה, זאָלט איר אָפּשיידן אַן אָפּשיידונג פון דעם לאַנד, הייליק צו גאָט; די לענג פינף און צוואַנציק טויזנט [שטאַנגען] די לענג, און די ברייט צען טויזנט; דאָס זאָל זײַן הייליק אין דעם גאַנצן געמאַרק רונד אַרום. [2] פון דעם זאָל זײַן פאַר דעם הייליקטום פינף הונדערט אויף פינף הונדערט, פירעקעכדיק פון אַלע זייטן; און פופציק איילן אַ פרייער פלאַץ דערצו רונד אַרום. [3] און פון דער־דאָזיקער מאָס–פינף און צוואַנציק טויזנט די לענג, און צען טויזנט די ברייט–זאָלסטו אָפּמעסטן, אַז דרינען זאָל זײַן דאָס הייליקטום, די הייליקסטע הייליקייט. [4] הייליק פון דעם לאַנד איז דאָס; פאַר די כּהנים, די באַדינער פון הייליקטום, וואָס גענענען צו דינען גאָט, זאָל עס זײַן; און עס זאָל זיי זײַן אַן אָרט פאַר הײַזער, און אַ הייליקער אָרט צום הייליקטום. [5] און פינף און צוואַנציק טויזנט די לענג, און צען טויזנט די ברייט, זאָל זײַן פאַר די לוִיִם די באַדינער פון הויז, זיי צום אייגנטום, פאַר צוואַנציק קאַמערן. [6] און דאָס אייגנטום פון דער שטאָט זאָלט איר מאַכן פינף טויזנט די ברייט, און די לענג פינף און צוואַנציק טויזנט, אַקעגן דער הייליקער אָפּשיידונג; פאַר דעם גאַנצן הויז פון ישׂראל זאָל עס זײַן. [7] און פאַר דעם פירשט, פון דעֵר זייט און פון יענער זייט פון דער הייליקער אָפּשיידונג, און פון דעם אייגנטום פון דער שטאָט, אַקעגן דער הייליקער אָפּשיידונג, און אַקעגן דעם אייגנטום פון דער שטאָט, פון מערב־זייט צו מערב, און פון מזרח־זייט צו מזרח, און אַ לענג אַזוי ווי איינער פון די חלקים, פון דעם מערב־געמאַרק ביז דעם מזרח־געמאַרק [8] פון דעם לאַנד; דאָס זאָל אים זײַן צום אייגנטום אין ישׂראל; און מײַנע פירשטן זאָלן מער ניט קריוודען מײַן פאָלק, נײַערט דאָס לאַנד זאָל מען געבן צו דעם הויז פון ישׂראל, לויט זייערע שבטים.

[9] אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: גענוג אײַך, איר פירשטן פון ישׂראל! אומרעכט און רויב טוט אָפּ, רעכט און גערעכטיקייט טוט, נעמט אַראָפּ פון מײַן פאָלק אײַערע רדיפות, זאָגט גאָט דער האַר. [10] ריכטיקע וואָגשאָלן, און אַ

ריכטיקע אֵיפָה, און אַ ריכטיקע בַּת, זאָל בײַ אײַך זײַן.
[11] אַן אֵיפָה און אַ בַּת זאָל זײַן אין מאָס: אַ בַּת זאָל האַלטן
אַ צענטל פון אַ חוֹמֶר, און אַן אֵיפָה אַ צענטל פון אַ חוֹמֶר;
לויטן חוֹמֶר זאָל זײַן זײער מאָס. [12] און דער שֶקל זאָל זײַן
צוואַנציק גֵרָה; צוואַנציק שֶקל, פינף און צוואַנציק שֶקל,
צען, און פינף שֶקל, זאָל אײַך זײַן די מָנֶה.

[13] דאָס איז די אָפּשײדונג וואָס איר זאָלט אָפּשײדן:
אַ זעקסטל אֵיפָה פון אַ חוֹמֶר װײץ, און אַ זעקסטל אֵיפָה
זאָלט איר געבן פון אַ חוֹמֶר גערשטן. [14] און דער דין פון
אײל–אײל איז אויפן בַּת–איז אַ צענטל בַּת פון אַ כּוֹר,
וואָס איז צען בַּת–אַ חוֹמֶר; וואָרום צען בַּת איז אַ חוֹמֶר.
[15] און אײן לאַם פון די שאָף פאַר צוויי הונדערט, פון די
לאָנקעס פון ישׂראל; פאַר שפּײזאָפּפער, און פאַר בראַנד־
אָפּפער, און פאַר פרידאָפּפער, מכפּר צו זײַן אויף זײ,
זאָגט גאָט דער האַר.

[16] דאָס גאַנצע פאָלק פון לאַנד זאָל געבן דידאָזיקע
אָפּשײדונג צו דעם פירשט אין ישׂראל. [17] און אויף דעם
פירשט זאָלן זײַן די בראַנדאָפּפער, און דאָס שפּײזאָפּפער,
און דאָס גיסאָפּפער, אין די יָום־טוֹבים, און אום ראש־
חוֹדש, און אין די שבתים, אין אַלע פײערטעג פון דעם הויז פון ישׂראל; ער זאָל מאַכן דאָס זינדאָפּפער, און דאָס
שפּײזאָפּפער, און דאָס בראַנדאָפּפער, און דאָס פרידאָפּפער, מכפּר צו זײַן פאַר דעם הויז פון ישׂראל.

[18] אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: אין ערשטן חוֹדש, אין ערשטן טאָג פון חוֹדש, זאָלסטו נעמען אַ יונגן אָקס אָן
אַ פעלער, און זאָלסט רײניקן דאָס הײליקטום. [19] און דער כּהן זאָל נעמען פון דעם בלוט פון זינדאָפּפער, און
אַרויפטאָן אויף דעם בײַשטידל פון דעם הויז, און אויף די פיר ווינקלען פון דעם אָפּשפּרונג פון מזבח, און אויף
דעם בײַשטידל פון דעם טויער פון דעם אינעווייניקסטן הויף. [20] און אַזוי זאָלסטו טאָן אין זיבעטן טאָג פון חוֹדש, פון
וועגן איטלעכן וואָס פאַרזעט, און פון וועגן דעם וואָס טוט אויס נאַרישקײט; אַזוי זאָלט איר מכפּר זײַן אויפן הויז. [21] אין
ערשטן חוֹדש, אין פערצנטן טאָג פון חוֹדש, זאָל זײַן בײַ אײַך פּסח, אַ יָום־טוֹב זיבן טעג; מצות זאָל געגעסן ווערן. [22] און
דער פירשט זאָל מאַכן אין יענעם טאָג פאַר זיך און פאַר דעם גאַנצן פאָלק פון לאַנד אַן אָקס אַ זינדאָפּפער. [23] און די
זיבן טעג פון יָום־טוֹב זאָל ער מאַכן אַ בראַנדאָפּפער צו גאָט, זיבן אָקסן און זיבן ווידערס, אָן אַ פעלער, אַ טאָג–די
זיבן טעג; און אַ ציגנבאָק אַ זינדאָפּפער אַ טאָג. [24] און אַ שפּײזאָפּפער זאָל ער מאַכן, אַן אֵיפָה צו אַן אָקס, און אַן
אֵיפָה צו אַ ווידער, און אײל אַ הִין צו אַן אֵיפָה. [25] אין זיבעטן חוֹדש, אין פופצנטן טאָג פון חוֹדש, אום יָום־טוֹב,

יא צֶדֶק וּבַת־צֶדֶק יְהִי לָכֶם׃ הָאֵיפָה וְהַבַּת תֹּכֶן אֶחָד יִהְיֶה
לָשֵׂאת מַעְשַׂר הַחֹמֶר הַבָּת וַעֲשִׂירִת הַחֹמֶר הָאֵיפָה אֶל־
יב הַחֹמֶר יִהְיֶה מַתְכֻּנְתּוֹ׃ וְהַשֶּׁקֶל עֶשְׂרִים גֵּרָה עֶשְׂרִים
שְׁקָלִים חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים שְׁקָלִים עֲשָׂרָה וַחֲמִשָּׁה שֶׁקֶל
יג הַמָּנֶה יִהְיֶה לָכֶם׃ זֹאת הַתְּרוּמָה אֲשֶׁר תָּרִימוּ שִׁשִּׁית
הָאֵיפָה מֵחֹמֶר הַחִטִּים וְשִׁשִּׁיתֶם הָאֵיפָה מֵחֹמֶר הַשְּׂעֹרִים׃
יד וְחֹק הַשֶּׁמֶן הַבַּת הַשֶּׁמֶן מַעְשַׂר הַבַּת מִן־הַכֹּר עֲשֶׂרֶת
טו הַבַּתִּים חֹמֶר כִּי־עֲשֶׂרֶת הַבַּתִּים חֹמֶר׃ וְשֶׂה־אַחַת מִן־
הַצֹּאן מִן־הַמָּאתַיִם מִמַּשְׁקֵה יִשְׂרָאֵל לְמִנְחָה וּלְעוֹלָה
טז וְלִשְׁלָמִים לְכַפֵּר עֲלֵיהֶם נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה׃ כֹּל הָעָם
יז הָאָרֶץ יִהְיוּ אֶל־הַתְּרוּמָה הַזֹּאת לַנָּשִׂיא בְּיִשְׂרָאֵל׃ וְעַל־
הַנָּשִׂיא יִהְיֶה הָעוֹלוֹת וְהַמִּנְחָה וְהַנֶּסֶךְ בַּחַגִּים וּבֶחֳדָשִׁים
וּבַשַּׁבָּתוֹת בְּכָל־מוֹעֲדֵי בֵּית יִשְׂרָאֵל הוּא־יַעֲשֶׂה אֶת־
הַחַטָּאת וְאֶת־הַמִּנְחָה וְאֶת־הָעוֹלָה וְאֶת־הַשְּׁלָמִים לְכַפֵּר
יח בְּעַד בֵּית־יִשְׂרָאֵל׃ כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה בָּרִאשׁוֹן
בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ תִּקַּח פַּר־בֶּן־בָּקָר תָּמִים וְחִטֵּאתָ אֶת־
יט הַמִּקְדָּשׁ׃ וְלָקַח הַכֹּהֵן מִדַּם הַחַטָּאת וְנָתַן אֶל־מְזוּזַת
הַבַּיִת וְאֶל־אַרְבַּע פִּנּוֹת הָעֲזָרָה לַמִּזְבֵּחַ וְעַל־מְזוּזַת שַׁעַר
כ הֶחָצֵר הַפְּנִימִית׃ וְכֵן תַּעֲשֶׂה בְּשִׁבְעָה בַחֹדֶשׁ מֵאִישׁ
כא שֹׁגֶה וּמִפֶּתִי וְכִפַּרְתֶּם אֶת־הַבָּיִת׃ בָּרִאשׁוֹן בְּאַרְבָּעָה
עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם הַפָּסַח חַג שְׁבֻעוֹת יָמִים
כב מַצּוֹת יֵאָכֵל׃ וְעָשָׂה הַנָּשִׂיא בַּיּוֹם הַהוּא בַּעֲדוֹ וּבְעַד כָּל־
כג עַם הָאָרֶץ פַּר חַטָּאת׃ וְשִׁבְעַת יְמֵי־הֶחָג יַעֲשֶׂה עוֹלָה
לַיהוָה שִׁבְעַת פָּרִים וְשִׁבְעַת אֵילִים תְּמִימִם לַיּוֹם שִׁבְעַת
כד הַיָּמִים וְחַטָּאת שְׂעִיר עִזִּים לַיּוֹם׃ וּמִנְחָה אֵיפָה לַפָּר
כה וְאֵיפָה לָאַיִל יַעֲשֶׂה וְשֶׁמֶן הִין לָאֵיפָה׃ בַּשְּׁבִיעִי בַּחֲמִשָּׁה

טז׳ הפטרת פרשת החדש והספרדים מתחילין כה אמר אדני

עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ בֶּחָג יַעֲשֶׂה כָאֵלֶּה שִׁבְעַת הַיָּמִים כַּחַטָּאת
כָּעֹלָה וְכַמִּנְחָה וְכַשָּׁמֶן׃

מו

א כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה שַׁעַר הֶחָצֵר הַפְּנִימִית הַפֹּנֶה קָדִים
יִהְיֶה סָגוּר שֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה וּבְיוֹם הַשַּׁבָּת יִפָּתֵחַ וּבְיוֹם
ב הַחֹדֶשׁ יִפָּתֵחַ׃ וּבָא הַנָּשִׂיא דֶּרֶךְ אוּלָם הַשַּׁעַר מִחוּץ וְעָמַד
עַל־מְזוּזַת הַשַּׁעַר וְעָשׂוּ הַכֹּהֲנִים אֶת־עוֹלָתוֹ וְאֶת־שְׁלָמָיו
וְהִשְׁתַּחֲוָה עַל־מִפְתַּן הַשַּׁעַר וְיָצָא וְהַשַּׁעַר לֹא־יִסָּגֵר עַד־
ג הָעָרֶב׃ וְהִשְׁתַּחֲווּ עַם־הָאָרֶץ פֶּתַח הַשַּׁעַר הַהוּא בַּשַּׁבָּתוֹת
ד וּבֶחֳדָשִׁים לִפְנֵי יְהֹוָה׃ וְהָעֹלָה אֲשֶׁר־יַקְרִב הַנָּשִׂיא לַיהֹוָה
ה בְּיוֹם הַשַּׁבָּת שִׁשָּׁה כְבָשִׂים תְּמִימִם וְאַיִל תָּמִים׃ וּמִנְחָה
אֵיפָה לָאַיִל וְלַכְּבָשִׂים מִנְחָה מַתַּת יָדוֹ וְשֶׁמֶן הִין לָאֵיפָה׃
ו וּבְיוֹם הַחֹדֶשׁ פַּר בֶּן־בָּקָר תְּמִימִם וְשֵׁשֶׁת כְּבָשִׂם וָאַיִל
ז תְּמִימִם יִהְיוּ׃ וְאֵיפָה לַפָּר וְאֵיפָה לָאַיִל יַעֲשֶׂה מִנְחָה
ח וְלַכְּבָשִׂים כַּאֲשֶׁר תַּשִּׂיג יָדוֹ וְשֶׁמֶן הִין לָאֵיפָה׃ וּבְבוֹא
ט הַנָּשִׂיא דֶּרֶךְ אוּלָם הַשַּׁעַר יָבוֹא וּבְדַרְכּוֹ יֵצֵא׃ וּבְבוֹא עַם־
הָאָרֶץ לִפְנֵי יְהֹוָה בַּמּוֹעֲדִים הַבָּא דֶּרֶךְ שַׁעַר צָפוֹן
לְהִשְׁתַּחֲוֹת יֵצֵא דֶּרֶךְ־שַׁעַר נֶגֶב וְהַבָּא דֶּרֶךְ־שַׁעַר נֶגֶב יֵצֵא
דֶּרֶךְ־שַׁעַר צָפוֹנָה לֹא יָשׁוּב דֶּרֶךְ הַשַּׁעַר אֲשֶׁר־בָּא בוֹ כִּי
י נִכְחוֹ יֵצֵאו׃ וְהַנָּשִׂיא בְּתוֹכָם בְּבוֹאָם יָבוֹא וּבְצֵאתָם יֵצֵאוּ׃
יא וּבַחַגִּים וּבַמּוֹעֲדִים תִּהְיֶה הַמִּנְחָה אֵיפָה לַפָּר וְאֵיפָה לָאַיִל
יב וְלַכְּבָשִׂים מַתַּת יָדוֹ וְשֶׁמֶן הִין לָאֵיפָה׃ וְכִי־יַעֲשֶׂה הַנָּשִׂיא
נְדָבָה עוֹלָה אוֹ־שְׁלָמִים נְדָבָה לַיהֹוָה וּפָתַח לוֹ אֶת־הַשַּׁעַר
הַפֹּנֶה קָדִים וְעָשָׂה אֶת־עֹלָתוֹ וְאֶת־שְׁלָמָיו כַּאֲשֶׁר יַעֲשֶׂה
יג בְּיוֹם הַשַּׁבָּת וְיָצָא וְסָגַר אֶת־הַשַּׁעַר אַחֲרֵי צֵאתוֹ׃ וְכֶבֶשׂ
בֶּן־שְׁנָתוֹ תָּמִים תַּעֲשֶׂה עוֹלָה לַיּוֹם לַיהֹוָה בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר
יד תַּעֲשֶׂה אֹתוֹ׃ וּמִנְחָה תַעֲשֶׂה עָלָיו בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר שִׁשִּׁית

ט׳ יצא קי׳ י׳ סבירין יצאו

זאָל ער מאַכן אַזוי ווי דידאָזיקע, די זיבן טעג; אַזוי דאָס זינדאָפּפער, אַזוי דאָס בראַנדאָפּפער, און אַזוי דאָס שפּייזאָפּפער, און אַזוי דאָס אייל.

## מו

1 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: דער טויער פון דעם אינעווייניקסטן הויף וואָס איז געקערט צו מזרח, זאָל זיין פאַרשלאָסן די זעקס אַרבעטטעג, נאָר אין טאָג פון שבת זאָל עס געעפנט ווערן, און אין טאָג פון ראשחודש זאָל ער געעפנט ווערן. 2 און דער פירשט זאָל אַריינגיין דורכן פירהויז פון טויער פון דרויסן, און זאָל שטיין ביי דעם ביישטידל פון טויער, און די כהנים זאָלן מאַכן זיין בראַנדאָפּפער, און זיין פרידאָפּפער, און ער זאָל זיך בוקן אויף דעם שוועל פון טויער, און אַרויסגיין; אָבער דער טויער זאָל ניט פאַרשלאָסן ווערן ביזן אָוונט. 3 און דאָס פאָלק פון לאַנד זאָל זיך בוקן פאַר גאָט אין איינגאַנג פון יענעם טויער, אין די שבתים, און אום ראש חודש. 4 און דאָס בראַנדאָפּפער וואָס דער פירשט זאָל מקריב זיין צו גאָט אין טאָג פון שבת, איז זיבן שעפּסן אָן אַ פעלער, און אַ ווידער אָן אַ פעלער; 5 און אַ שפּייזאָפּפער אַן איפה צו אַ ווידער, און צו די שעפּסן אַ שפּייזאָפּפער לויט דער גאָב פון זיין האַנט; און אייל אַ הין צו אַן איפה. 6 און אין טאָג פון ראשחודש: אַ יונגער אָקס אָן אַ פעלער, און זעקס שעפּסן, און אַ ווידער; אָן אַ פעלער זאָלן זיי זיין. 7 און אַן איפה צו דעם אָקס, און אַן איפה צו דעם ווידער, זאָל ער מאַכן אַ שפּייזאָפּפער, און צו די שעפּסן אַזוי ווי זיין האַנט פאַרמאָגט; און אייל אַ הין צו אַן איפה. 8 און אַז דער פירשט קומט, זאָל ער אַריינגיין דורכן פירהויז פון טויער און דורך אים זאָל ער אַרויסגיין. 9 אָבער אַז דאָס פאָלק פון לאַנד קומט פאַר גאָט אין די יום־טובים, זאָל דער וואָס גייט אַריין דורכן צפונדטויער זיך צו בוקן, אַרויסגיין דורכן דרום־טויער, און דער וואָס גייט אַריין דורכן דרום־טויער, זאָל אַרויסגיין דורכן צפונדטויער; ער זאָל זיך ניט אומקערן דורך דעם טויער וואָס ער איז דורך אים אַריינגעגאַנגען, נאָר אַנטקעגן זיך זאָל ער אַרויסגיין. 10 און דער פירשט זאָל זיין צווישן זיי: ווען זיי גייען אַריין, זאָל ער אַריינגיין, און ווען זיי גייען אַרויס, זאָלן זיי אַרויסגיין אין איינעם. 11 און אין די יום־טובים און אין די פייערטעג זאָל דאָס שפּייזאָפּפער זיין אַן איפה צו אַן אָקס, און אַן איפה צו אַ ווידער, און צו די שעפּסן לויט דער גאָב פון זיין האַנט; און אייל אַ הין צו אַן איפה.

12 און אַז דער פירשט וועט מאַכן אַ פרייוויליקן קרבן, אַ בראַנדאָפּפער, אָדער אַ פרידאָפּפער, אַ פרייוויליקן קרבן צו גאָט, זאָל מען עפענען פאַר אים דעם טויער וואָס איז געקערט צו מזרח, און ער זאָל מאַכן זיין בראַנדאָפּפער און זיין פרידאָפּפער, אַזוי ווי ער מאַכט אין טאָג פון שבת, און אַרויסגיין; און מע זאָל פאַרשליסן דעם טויער נאָך זיין אַרויסגיין.

13 און אַ שעפּס אַ יאָריקן אָן אַ פעלער זאָלסטו מאַכן אַ בראַנדאָפּפער איטלעכן טאָג צו גאָט; פרימאָרגן אין פרי־מאָרגן זאָלסטו עס מאַכן. 14 און אַ שפּייזאָפּפער זאָלסטו מאַכן צו אים פרימאָרגן אין פרימאָרגן, אַ זעקסטל פון אַן

הָאֵיפָה וְשֶׁמֶן שְׁלִישִׁית הַהִין לָרֹס אֶת־הַסֹּלֶת מִנְחָה לַיהוָה
טו חֻקּוֹת עוֹלָם תָּמִיד׃ וַעֲשׂוּ אֶת־הַכֶּבֶשׂ וְאֶת־הַמִּנְחָה וְאֶת־
טז הַשֶּׁמֶן בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר עוֹלַת תָּמִיד׃ כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי
יֱהוִה כִּי־יִתֵּן הַנָּשִׂיא מַתָּנָה לְאִישׁ מִבָּנָיו נַחֲלָתוֹ הִיא לְבָנָיו
יז תִּהְיֶה אֲחֻזָּתָם הִיא בְּנַחֲלָה׃ וְכִי־יִתֵּן מַתָּנָה מִנַּחֲלָתוֹ לְאַחַד
מֵעֲבָדָיו וְהָיְתָה לּוֹ עַד־שְׁנַת הַדְּרוֹר וְשָׁבַת לַנָּשִׂיא אַךְ
יח נַחֲלָתוֹ בָּנָיו לָהֶם תִּהְיֶה׃ וְלֹא־יִקַּח הַנָּשִׂיא מִנַּחֲלַת הָעָם
לְהוֹנֹתָם מֵאֲחֻזָּתָם מֵאֲחֻזָּתוֹ יַנְחִל אֶת־בָּנָיו לְמַעַן אֲשֶׁר לֹא־
יט יָפֻצוּ עַמִּי אִישׁ מֵאֲחֻזָּתוֹ׃ וַיְבִיאֵנִי בַמָּבוֹא אֲשֶׁר עַל־כֶּתֶף
הַשַּׁעַר אֶל־הַלִּשְׁכוֹת הַקֹּדֶשׁ אֶל־הַכֹּהֲנִים הַפֹּנוֹת צָפוֹנָה
כ וְהִנֵּה־שָׁם מָקוֹם בַּיַּרְכָתַם יָמָּה׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי זֶה הַמָּקוֹם
אֲשֶׁר יְבַשְּׁלוּ־שָׁם הַכֹּהֲנִים אֶת־הָאָשָׁם וְאֶת־הַחַטָּאת אֲשֶׁר
יֹאפוּ אֶת־הַמִּנְחָה לְבִלְתִּי הוֹצִיא אֶל־הֶחָצֵר הַחִיצוֹנָה
כא לְקַדֵּשׁ אֶת־הָעָם׃ וַיּוֹצִיאֵנִי אֶל־הֶחָצֵר הַחִיצֹנָה וַיַּעֲבִירֵנִי
אֶל־אַרְבַּעַת מִקְצוֹעֵי הֶחָצֵר וְהִנֵּה חָצֵר בְּמִקְצֹעַ הֶחָצֵר חָצֵר
כב בְּמִקְצֹעַ הֶחָצֵר׃ בְּאַרְבַּעַת מִקְצֹעוֹת הֶחָצֵר חֲצֵרוֹת קְטֻרוֹת
אַרְבָּעִים אֹרֶךְ וּשְׁלֹשִׁים רֹחַב מִדָּה אַחַת לְאַרְבַּעְתָּם
כג מְהֻקְצָעוֹת׃ וְטוּר סָבִיב בָּהֶם סָבִיב לְאַרְבַּעְתָּם וּמְבַשְּׁלוֹת
כד עָשׂוּי מִתַּחַת הַטִּירוֹת סָבִיב׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי אֵלֶּה בֵּית
הַמְבַשְּׁלִים אֲשֶׁר יְבַשְּׁלוּ־שָׁם מְשָׁרְתֵי הַבַּיִת אֶת־זֶבַח הָעָם׃

מז

א וַיְשִׁבֵנִי אֶל־פֶּתַח הַבַּיִת וְהִנֵּה־מַיִם יֹצְאִים מִתַּחַת מִפְתַּן
הַבַּיִת קָדִימָה כִּי־פְנֵי הַבַּיִת קָדִים וְהַמַּיִם יֹרְדִים מִתַּחַת
ב מִכֶּתֶף הַבַּיִת הַיְמָנִית מִנֶּגֶב לַמִּזְבֵּחַ׃ וַיּוֹצִאֵנִי דֶּרֶךְ־שַׁעַר
צָפוֹנָה וַיְסִבֵּנִי דֶּרֶךְ חוּץ אֶל־שַׁעַר הַחוּץ דֶּרֶךְ הַפּוֹנֶה קָדִים
ג וְהִנֵּה־מַיִם מְפַכִּים מִן־הַכָּתֵף הַיְמָנִית׃ בְּצֵאת־הָאִישׁ קָדִים
וְקַו בְּיָדוֹ וַיָּמָד אֶלֶף בָּאַמָּה וַיַּעֲבִרֵנִי בַמַּיִם מֵי אָפְסָיִם׃

מז, טו׳ יעשו ק׳ ע״כ לספרדים יח׳ ע״כ לאשכנזים
יט׳ מוכתים ק׳ כב׳ נקוד עליו ס ו, ג׳ כצ״ל

אֵיפָה, און אײל אַ דריטל הין צו באַשפּריצן דאָס זעמל־מעל, אַ שפּײזאָפּפער צו גאָט; אײביקע געזעצן אויף תּמיד. [15] זײ זאָלן מאַכן דעם שעפּס, און דאָס שפּײזאָפּפער, און דאָס אײל, פרימאָרגן אין פרימאָרגן, אַ שטענדיק בראַנד־אָפּפער.

[16] אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: אַז דער פירשט וועט געבן עמיצן פון זײנע זין אַ מתּנה, איז דאָס זײן נחלה, זאָל עס בלײבן בײ זײנע זין; דאָס איז זײער אײגנטום פאַר אַ נחלה. [17] אָבער אַז ער וועט געבן אַ מתּנה פון זײן נחלה צו אײנעם פון זײנע קנעכט, זאָל עס צו אים געהערן ביז דעם יאָר פון פרײלאָזונג[א], און זיך אומקערן צום פירשט; בלויז וואָס ער גיט פאַר אַ נחלה צו זײנע זין, זאָל בלײבן בײ זײ. [18] און דער פירשט זאָל ניט נעמען פון דעם פאָלקס נחלה, זײ צו קריוודען פון זײער אײגנטום; פון זײן אײגנטום זאָל ער געבן אַ נחלה צו זײנע זין; כּדי מײן פאָלק זאָל ניט צעשפּרײט ווערן איטלעכער פון זײן אײגנטום.

[19] און ער האָט מיך געבראַכט דורך דעם אַײנגאַנג וואָס בײַן זײט טויער צו די הײליקע קאַמערן פאַר די כּהנים, וואָס זײנען געווען געקערט צו צפון, ערשט דאָרטן איז געווען אַן אָרט אין ווינקל צו מערב. [20] און ער האָט צו מיר געזאָגט: דאָס איז דער אָרט וואָס די כּהנים זאָלן דאָרטן קאָכן דאָס שולדאָפּפער און דאָס זינדאָפּפער, ווו זײ זאָלן באַקן דאָס שפּײזאָפּפער, כּדי ניט אַרויסצוטראָגן אין דעם אויסנווײניקסטן הויף, צו מאַכן הײליק דאָס פאָלק.

[21] און ער האָט מיך אַרויסגעפירט אין דעם אויסנווײניקסטן הויף, און האָט מיך פאַרבײגעפירט פאַרבײ די פיר ווינקלען פון הויף, ערשט אַ הויף אין אַ ווינקל הויף, אַ הויף אין אַ ווינקל הויף. [22] און אין די פיר ווינקלען פון הויף זײנען געווען אײַנגעשלאָסענע הויפן, פערציק די לענג, און דרײסיק די ברײט; אײן מאָס בײ זײ פירן אין די ווינקלען. [23] און אַ ציל [שטײנער] איז געווען רונד אַרום אין זײ, רונד אַרום בײ זײ פירן, און קיכן געמאַכט אונטער די צײלן רונד אַרום. [24] און ער האָט צו מיר געזאָגט: דאָס איז די קאָכשטוב וואָס די באַדינער פון הויז זאָלן דאָרטן קאָכן דאָס שלאַכט־אָפּפער פון פאָלק.

מז [1] און ער האָט מיך צוריקגעבראַכט צו דעם אַײנגאַנג פון הויז, ערשט וואַסער גײט אַרויס פון אונטער דער שוועל פון הויז, צו מזרח, וואָרום די פאָדערזײט פון הויז איז געווען צו מזרח; און דאָס וואַסער האָט אַראָפּגענידערט פון אונטן, פון דער רעכטער זײט פון הויז, אין דָרום פון מזבח. [2] און ער האָט מיך אַרויסגעפירט דורכן צפונטויער, און האָט מיך אַרויסגעפירט דורך דרויסן, צו דעם אויסנווײניקסטן טויער, אויף דעם וועג וואָס איז געקערט צו מזרח; ערשט וואַסער פליסט אַרויס פון דער רעכטער זײט.

[3] ווי דער מאַן איז אַרויסגעגאַנגען צו מזרח מיט אַ מעסטשנור אין זײן האַנט, אַזוי האָט ער אָפּגעמאָסטן טויזנט אײלן,

[א] זע ויקרא כה, 10.

ד וַיָּמָד אֶלֶף וַיַּעֲבִרֵנִי בַמַּיִם מַיִם בִּרְכָּיִם וַיָּמָד אֶלֶף וַיַּעֲבִרֵנִי
ה מֵי מָתְנָיִם׃ וַיָּמָד אֶלֶף נַחַל אֲשֶׁר לֹא־אוּכַל לַעֲבֹר כִּי־גָאוּ
ו הַמַּיִם מֵי שָׂחוּ נַחַל אֲשֶׁר לֹא־יֵעָבֵר׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי הֲרָאִיתָ
ז בֶן־אָדָם וַיּוֹלִכֵנִי וַיְשִׁבֵנִי * שְׂפַת הַנָּחַל׃ בְּשׁוּבֵנִי וְהִנֵּה
ח אֶל־שְׂפַת הַנַּחַל עֵץ רַב מְאֹד מִזֶּה וּמִזֶּה׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי הַמַּיִם
הָאֵלֶּה יוֹצְאִים אֶל־הַגְּלִילָה הַקַּדְמוֹנָה וְיָרְדוּ עַל־הָעֲרָבָה
ט וּבָאוּ הַיָּמָּה אֶל־הַיָּמָּה הַמּוּצָאִים וְנִרְפְּאוּ הַמָּיִם׃ וְהָיָה כָל־
נֶפֶשׁ חַיָּה ׀ אֲשֶׁר־יִשְׁרֹץ אֶל כָּל־אֲשֶׁר יָבוֹא שָׁם נַחֲלַיִם יִחְיֶה
וְהָיָה הַדָּגָה רַבָּה מְאֹד כִּי בָאוּ שָׁמָּה הַמַּיִם הָאֵלֶּה וְיֵרָפְאוּ
י וָחָי כֹּל אֲשֶׁר־יָבוֹא שָׁמָּה הַנָּחַל׃ וְהָיָה יַעַמְדוּ עָלָיו דַּוָּגִים
מֵעֵין גֶּדִי וְעַד־עֵין עֶגְלַיִם מִשְׁטוֹחַ לַחֲרָמִים יִהְיוּ לְמִינָה תִּהְיֶה
יא דְגָתָם כִּדְגַת הַיָּם הַגָּדוֹל רַבָּה מְאֹד׃ בִּצֹּאתוֹ וּגְבָאָיו וְלֹא
יב יֵרָפְאוּ לְמֶלַח נִתָּנוּ׃ וְעַל־הַנַּחַל יַעֲלֶה עַל־שְׂפָתוֹ מִזֶּה ׀
וּמִזֶּה ׀ כָּל־עֵץ־מַאֲכָל לֹא־יִבּוֹל עָלֵהוּ וְלֹא־יִתֹּם פִּרְיוֹ לָחֳדָשָׁיו
יְבַכֵּר כִּי מֵימָיו מִן־הַמִּקְדָּשׁ הֵמָּה יוֹצְאִים ־ וְהָיָה פִרְיוֹ
יג לְמַאֲכָל וְעָלֵהוּ לִתְרוּפָה׃ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה גֵּה
גְבוּל אֲשֶׁר תִּתְנַחֲלוּ אֶת־הָאָרֶץ לִשְׁנֵי עָשָׂר שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל
יד יוֹסֵף חֲבָלִים׃ וּנְחַלְתֶּם אוֹתָהּ אִישׁ כְּאָחִיו אֲשֶׁר נָשָׂאתִי
אֶת־יָדִי לְתִתָּהּ לַאֲבֹתֵיכֶם וְנָפְלָה הָאָרֶץ הַזֹּאת לָכֶם
טו בְּנַחֲלָה׃ וְזֶה גְּבוּל הָאָרֶץ לִפְאַת צָפוֹנָה מִן־הַיָּם הַגָּדוֹל
טז הַדֶּרֶךְ חֶתְלֹן לְבוֹא צְדָדָה׃ חֲמָת ׀ בֵּרוֹתָה סִבְרַיִם אֲשֶׁר
בֵּין־גְּבוּל דַּמֶּשֶׂק וּבֵין גְּבוּל חֲמָת חָצֵר הַתִּיכוֹן אֲשֶׁר אֶל־
יז גְּבוּל חַוְרָן׃ וְהָיָה גְבוּל מִן־הַיָּם חֲצַר עֵינוֹן גְּבוּל דַּמֶּשֶׂק
יח וְצָפוֹן ׀ צָפוֹנָה וּגְבוּל חֲמָת וְאֵת פְּאַת צָפוֹן׃ וּפְאַת קָדִים
מִבֵּין חַוְרָן וּמִבֵּין־דַּמֶּשֶׂק וּמִבֵּין הַגִּלְעָד וּמִבֵּין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל
הַיַּרְדֵּן מִגְּבוּל עַל־הַיָּם הַקַּדְמוֹנִי תָּמֹדּוּ וְאֵת פְּאַת קָדִימָה׃
יט וּפְאַת נֶגֶב תֵּימָנָה מִתָּמָר עַד־מֵי מְרִיבוֹת קָדֵשׁ נַחֲלָה אֶל־

ו׳ בריא על שפת   ז׳ ריא על   ח׳ האי סהה   ט׳ קמץ בז״ק
י׳ עמדו קרי   דגה רפה   יא׳ בצאתו קרי   יב׳ והיה קרי

און האָט מיך דורכגעפירט דורכן וואַסער—וואַסער ביז די קנעכלעך. [4] און ער האָט אָפּגעמאָסטן טויזנט, און האָט מיך דורכגעפירט דורכן וואַסער—וואַסער ביז די קני. און ער האָט אָפּגעמאָסטן טויזנט, און האָט מיך דורכגעפירט דורך וואַסער ביז די לענדן. [5] און ער האָט אָפּגעמאָסטן טויזנט—אַ טייך וואָס איך האָב ניט געקענט אַריבערגיין, ווארום דאָס וואַסער איז געווען הויך, אַ וואַסער צום שווימען, אַ טייך וואָס איך האָב ניט געקענט אַריבערגיין. [6] און ער האָט צו מיר געזאָגט: האָסטו געזען, מענטשנקינד? און ער האָט מיך געפירט, און האָט מיך געבראַכט צום ברעג פון טייך.

[7] ווי איך בין צוריקגעקומען, ערשט ביים ברעג טייך זיינען פיל ביימער פון דער זייט און פון יענער זייט. [8] און ער האָט צו מיר געזאָגט: דאָסדאָזיקע וואַסער גייט אַרויס צו דער מורח־געגנט, און וועט אַראָפּנידערן אין דעם פלוין, און אַז עס וועט אַריין אין ים, אין דעם ים פון דומפּיקע [וואַסער], וועט דאָס וואַסער געזונט ווערן. [9] און עס וועט זיין, יעטוועדער לעבעדיקע באַשעפעניש וואָס ער ווידמענט, וועט אָפּלעבן אומעטום ווו די טייכן וועלן קומען, און פיש וועלן זיין זייער פיל, ווייל דידאָזיקע וואַסערן קומען אַהין, כדי עס זאָל געהיילט ווערן און אָפּלעבן אַלץ וווהין דער טייך וועט קומען. [10] און עס וועט זיין, פישערס וועלן שטיין ביי אים פון עֵין־גֶדי און ביז עֵין־עֶגלַיִם; אויף אויסשפּרייטן נעצן וועט עס זיין; פון אַלערליי מינים וועלן זיין זייערע פיש, אַזוי ווי די פיש פון יַם־הַגָדול, זייער פיל. [11] אָבער זיינע זומפּן און זיינע וואַסערגריבער וועלן ניט געזונט געמאַכט ווערן; פאַר זאַלץ זיינען זיי אָפּגעגעבן. [12] און ביי דעם טייך וועלן אויסוואַקסן אויף זיין ברעג, פון דער זייט און פון יענער זייט, אַלערליי ביימער צום עסן; זייער בלאַט וועט ניט פאַרוועלקט ווערן, און זייער פרוכט וועט ניט אויסגיין; אַלע חודש וועלן זיי צייטיקן, ווייל זייערע וואַסערן, זיי גייען אַרויס פון הייליקטום; און זייער פרוכט וועט זיין צום עסן, און זייער בלאַט פאַר אַ רפואה.

[13] אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: דאָס איז דער געמאַרק, ווי איר זאָלט מאַכן אַרבן דאָס לאַנד צו די צוועלף שבטים פון ישׂראל, מיט צוויי חלקים פאַר יוסף. [14] און איר זאָלט עס אַרבן איינער אַזוי ווי דער אַנדערער, ווארום איך האָב אויפגעהויבן מיין האַנט[א], עס צו געבן צו אַייערע עלטערן; און דאָסדאָזיקע לאַנד זאָל אַייך פאַלן פאַר אַ נחלה. [15] און דאָס איז דער געמאַרק פון דעם לאַנד: אין צפונזייט, פון יַם־הַגָדול דורך חֶתלון ביז מע קומט קיין צְדָד; [16] חֲמָת, בֵּרוֹתָה, סִבְרַיִם וואָס צווישן דעם געמאַרק פון דַמֶשֶׂק און דעם געמאַרק פון חֲמָת; חֲצַר־הַתִּיכוֹן וואָס ביים געמאַרק פון חַוְרָן. [17] און דער געמאַרק פון ים אַהער זאָל זיין חֲצַר־עֵינוֹן ביים געמאַרק פון דַמֶשֶׂק, און אין צפון צו צפון איז דער געמאַרק פון חֲמָת. דאָס איז די צפונזייט. [18] און די מורח־זייט זאָלט איר מעסטן צווישן חַוְרָן און דַמֶשֶׂק און גִלְעָד, און צווישן דעם לאַנד פון ישׂראל, ביים יַרדן, פון דעם געמאַרק ביז דעם מורח־ים. דאָס איז די מורח־זייט. [19] און די דָרום־זייט צו דָרום איז פון תָּמָר ביז די וואַסערן פון מריבות־קָדֵש, ביז צום טייך, ביז צום יַם־הַגָדול. דאָס

[א] געשוואָרן.

כ הַיָּם הַגָּדוֹל וְאֵת פְּאַת־תֵּימָנָה נֶגְבָּה: וּפְאַת־יָם הַיָּם הַגָּדוֹל
כא מִגְּבוּל עַד־נֹכַח לְבוֹא חֲמָת זֹאת פְּאַת־יָם: וְחִלַּקְתֶּם אֶת־
כב הָאָרֶץ הַזֹּאת לָכֶם לְשִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל: וְהָיָה תַּפִּלוּ אוֹתָהּ
בְּנַחֲלָה לָכֶם וּלְהַגֵּרִים הַגָּרִים בְּתוֹכְכֶם אֲשֶׁר־הוֹלִדוּ בָנִים
בְּתוֹכְכֶם וְהָיוּ לָכֶם כְּאֶזְרָח בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל אִתְּכֶם יִפְּלוּ
כג בְנַחֲלָה בְּתוֹךְ שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל: וְהָיָה בַשֵּׁבֶט אֲשֶׁר־גָּר הַגֵּר
אִתּוֹ שָׁם תִּתְּנוּ נַחֲלָתוֹ נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה:

מח

א וְאֵלֶּה שְׁמוֹת הַשְּׁבָטִים מִקְצֵה צָפוֹנָה אֶל־יַד דֶּרֶךְ־חֶתְלֹן ׀
לְבוֹא־חֲמָת חֲצַר עֵינָן גְּבוּל דַּמֶּשֶׂק צָפוֹנָה אֶל־יַד חֲמָת
ב וְהָיוּ־לוֹ פְאַת־קָדִים הַיָּם דָּן אֶחָד: וְעַל ׀ גְּבוּל דָּן מִפְּאַת
ג קָדִים עַד־פְּאַת יָמָּה אָשֵׁר אֶחָד: וְעַל ׀ גְּבוּל אָשֵׁר מִפְּאַת
ד קָדִימָה וְעַד־פְּאַת־יָמָּה נַפְתָּלִי אֶחָד: וְעַל ׀ גְּבוּל נַפְתָּלִי
ה מִפְּאַת קָדִמָה עַד־פְּאַת יָמָּה מְנַשֶּׁה אֶחָד: וְעַל ׀ גְּבוּל
ו מְנַשֶּׁה מִפְּאַת קָדְמָה עַד־פְּאַת יָמָּה אֶפְרַיִם אֶחָד: וְעַל ׀
גְּבוּל אֶפְרַיִם מִפְּאַת קָדִים וְעַד־פְּאַת־יָמָּה רְאוּבֵן אֶחָד:
ז וְעַל ׀ גְּבוּל רְאוּבֵן מִפְּאַת קָדִים עַד־פְּאַת יָמָּה יְהוּדָה אֶחָד:
ח וְעַל גְּבוּל יְהוּדָה מִפְּאַת קָדִים עַד־פְּאַת יָמָּה תִּהְיֶה
הַתְּרוּמָה אֲשֶׁר־תָּרִימוּ חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים אֶלֶף רֹחַב וְאֹרֶךְ
כְּאַחַד הַחֲלָקִים מִפְּאַת קָדִימָה עַד־פְּאַת־יָמָּה וְהָיָה
ט הַמִּקְדָּשׁ בְּתוֹכוֹ: הַתְּרוּמָה אֲשֶׁר תָּרִימוּ לַיהוָה אֹרֶךְ
י חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים אֶלֶף וְרֹחַב עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים: וּלְאֵלֶּה
תִּהְיֶה תְרוּמַת־הַקֹּדֶשׁ לַכֹּהֲנִים צָפוֹנָה חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים
אֶלֶף וְיָמָּה רֹחַב עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים וְקָדִימָה רֹחַב עֲשֶׂרֶת
אֲלָפִים וְנֶגְבָּה אֹרֶךְ חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים אָלֶף וְהָיָה מִקְדַּשׁ־
יא יְהוָה בְּתוֹכוֹ: לַכֹּהֲנִים הַמְקֻדָּשׁ מִבְּנֵי צָדוֹק אֲשֶׁר שָׁמְרוּ
מִשְׁמַרְתִּי אֲשֶׁר לֹא־תָעוּ בִּתְעוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר תָּעוּ

מח, ח׳ כצל  י׳ ב׳ טעמים

איז די דָרום־זייט צו דָרום. [20] און די מערב־זייט איז דער
ים־הַגָדול, פון דעם געמאַרק ביז אַקעגן ווו מע קומט קיין
חֲמָת. דאָס איז די מערב־זייט.

[21] און אַז איר וועט אײַך צעטיילן דאָסדאָזיקע לאַנד
לויט די שבטים פון ישראל, [22] איז, זאָלט איר עס אויס־
וואַרפן פאַר אַ נחלה צו אײַך, און צו די פרעמדע וואָס
ווינען צווישן אײַך, וואָס האָבן געבאָרן קינדער צווישן
אײַך; און זיי זאָלן בײַ אײַך זיין אַזוי ווי אײַנגעבאָרענע
צווישן די קינדער פון ישראל; גלײַך מיט אײַך זאָל זיי פאַלן
אַ נחלה צווישן די קינדער פון ישראל. [23] און עס זאָל זיין,
צווישן דעם שבט וואָס דער פרעמדער וווינט בײַ אים,
דאָרטן זאָלט איר געבן זיין נחלה, זאָגט גאָט דער האַר.

מח [1] און דאָס זיינען די נעמען פון די שבטים: פון
צפון־עק לעבן דעם וועג פון חֶתלון ביז מע קומט
קיין חֲמָת, חֲצַר־עֵינָן בײַ דעם געמאַרק פון דַמֶשֶׂק צו צפון,
לעבן חֲמָת. און עס זאָל זיין פון מזרח־זייט צו מערב פאַר
דָן, איין חלק. [2] און לעבן דעם געמאַרק פון דָן, פון מזרח־
זייט ביז מערב־זייט, אָשֵר, איין חלק. [3] און לעבן דעם
געמאַרק פון אָשֵר, פון מזרח־זייט און ביז מערב־זייט,
נפתלי, איין חלק. [4] און לעבן דעם געמאַרק פון נפתלי,
פון מזרח־זייט ביז מערב־זייט, מנשה, איין חלק. [5] און לעבן דעם געמאַרק פון מנשה, פון מזרח־זייט ביז מערב־
זייט, אפרים, איין חלק. [6] און לעבן דעם געמאַרק פון אפרים, פון מזרח־זייט און ביז מערב־זייט, ראובן, איין
חלק. [7] און לעבן דעם געמאַרק פון ראובן, פון מזרח־זייט ביז מערב־זייט, יהודה, איין חלק.

[8] און לעבן דעם געמאַרק פון יהודה, פון מזרח־זייט ביז מערב־זייט, זאָל זיין די אָפשיידונג וואָס איר זאָלט
אָפשיידן, פינף און צוואַנציק טויזנט [שטאַנגען] די ברייט, און די לענג אַזוי ווי איינער פון די חלקים, פון מזרח־זייט ביז
מערב־זייט. און דאָס הייליקטום זאָל זיין אין מיטן פון דעם. [9] די אָפשיידונג וואָס איר וועט אָפשיידן צו גאָט, זאָל זיין
די לענג פינף און צוואַנציק טויזנט, און די ברייט צען טויזנט. [10] און פאַר דידאָזיקע, פאַר די כהנים, זאָל די הייליקע אָפ־
שיידונג זיין: צו צפון פינף און צוואַנציק טויזנט, און צו מערב צען טויזנט די ברייט, און צו מזרח צען טויזנט די ברייט, און
צו דָרום פינף און צוואַנציק טויזנט די לענג; און דאָס הייליקטום פון גאָט זאָל זיין אין מיטן פון דעם. [11] דער
געהייליקטער טייל זאָל זיין פאַר די כהנים פון די קינדער פון צָדוק וואָס האָבן געהיט מיין היטונג, וואָס האָבן
ניט אַוועקגעבלאָנדזשעט, ווען די קינדער פון ישראל האָבן אַוועקגעבלאָנדזשעט, אַזוי ווי די לוִיִים האָבן אַוועק־

יב הַלְוִיִּם׃ וְהָיְתָה לָהֶם תְּרוּמִיָּה מִתְּרוּמַת הָאָרֶץ קֹדֶשׁ
יג קָדָשִׁים אֶל־גְּבוּל הַלְוִיִּם׃ וְהַלְוִיִּם לְעֻמַּת גְּבוּל הַכֹּהֲנִים
חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים אֶלֶף אֹרֶךְ וְרֹחַב עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים כָּל־אֹרֶךְ
יד חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים אֶלֶף וְרֹחַב עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים׃ וְלֹא־יִמְכְּרוּ
מִמֶּנּוּ וְלֹא יָמֵר וְלֹא יַעֲבוּר רֵאשִׁית הָאָרֶץ כִּי־קֹדֶשׁ לַיהוָה׃
טו וַחֲמֵשֶׁת אֲלָפִים הַנּוֹתָר בָּרֹחַב עַל־פְּנֵי חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים
אֶלֶף חֹל־הוּא לָעִיר לְמוֹשָׁב וּלְמִגְרָשׁ וְהָיְתָה הָעִיר בְּתוֹכֹה׃
טז וְאֵלֶּה מִדּוֹתֶיהָ פְּאַת צָפוֹן חֲמֵשׁ מֵאוֹת וְאַרְבַּעַת אֲלָפִים
וּפְאַת־נֶגֶב חֲמֵשׁ חמש מֵאוֹת וְאַרְבַּעַת אֲלָפִים וּמִפְּאַת
קָדִים חֲמֵשׁ מֵאוֹת וְאַרְבַּעַת אֲלָפִים וּפְאַת־יָמָּה חֲמֵשׁ
יז מֵאוֹת וְאַרְבַּעַת אֲלָפִים׃ וְהָיָה מִגְרָשׁ לָעִיר צָפוֹנָה
חֲמִשִּׁים וּמָאתַיִם וְנֶגְבָּה חֲמִשִּׁים וּמָאתָיִם וְקָדִימָה חֲמִשִּׁים
יח וּמָאתַיִם וְיָמָּה חֲמִשִּׁים וּמָאתָיִם׃ וְהַנּוֹתָר בָּאֹרֶךְ לְעֻמַּת ׀
תְּרוּמַת הַקֹּדֶשׁ עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים קָדִימָה וַעֲשֶׂרֶת אֲלָפִים
יָמָּה וְהָיָה לְעֻמַּת תְּרוּמַת הַקֹּדֶשׁ וְהָיְתָה תְבוּאָתֹה לְלֶחֶם
יט לְעֹבְדֵי הָעִיר׃ וְהָעֹבֵד הָעִיר יַעַבְדוּהוּ מִכֹּל שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל׃
כ כָּל־הַתְּרוּמָה חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים אֶלֶף בַּחֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים
אֶלֶף רְבִיעִית תָּרִימוּ אֶת־תְּרוּמַת הַקֹּדֶשׁ אֶל־אֲחֻזַּת הָעִיר׃
כא וְהַנּוֹתָר לַנָּשִׂיא מִזֶּה ׀ וּמִזֶּה ׀ לִתְרוּמַת־הַקֹּדֶשׁ וְלַאֲחֻזַּת
הָעִיר אֶל־פְּנֵי חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים אֶלֶף ׀ תְּרוּמָה עַד־גְּבוּל
קָדִימָה וְיָמָּה עַל־פְּנֵי חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים אֶלֶף עַל־גְּבוּל יָמָּה
לְעֻמַּת חֲלָקִים לַנָּשִׂיא וְהָיְתָה תְּרוּמַת הַקֹּדֶשׁ וּמִקְדַּשׁ
כב הַבַּיִת בְּתוֹכֹה׃ וּמֵאֲחֻזַּת הַלְוִיִּם וּמֵאֲחֻזַּת הָעִיר בְּתוֹךְ אֲשֶׁר
לַנָּשִׂיא יִהְיֶה בֵּין ׀ גְּבוּל יְהוּדָה וּבֵין גְּבוּל בִּנְיָמִן לַנָּשִׂיא
כג יִהְיֶה׃ וְיֶתֶר הַשְּׁבָטִים מִפְּאַת קָדִימָה עַד־פְּאַת־יָמָּה בִּנְיָמִן
כד אֶחָד׃ וְעַל ׀ גְּבוּל בִּנְיָמִן מִפְּאַת קָדִימָה עַד־פְּאַת־יָמָּה
כה שִׁמְעוֹן אֶחָד׃ וְעַל ׀ גְּבוּל שִׁמְעוֹן מִפְּאַת קָדִימָה עַד־פְּאַת־

---

יד׳ יעביר ק  טו׳ בתוכה ק  טז׳ חמש כתיב ולא ק׳  יח׳ תבואתו ק  כא׳ בתוכו קרי

געבלאָנדזשעט. [12] און עס זאָל זיין אַן אָפּשיידונג פאַר זיי פון דער אָפּשיידונג פון דעם לאַנד–אַ הייליקייט פון הייליקייטן, לעבן דעם געמאַרק פון די לוִיִים. [13] און פאַר די לוִיִים, אַקעגן דעם געמאַרק פון די כּהנים, פינף און צוואַנציק טויזנט די לענג, און די ברייט צען טויזנט; איטלעכע לענג פינף און צוואַנציק טויזנט, און די ברייט צען טויזנט. [14] און זיי זאָלן דערפון ניט פאַרקויפן, און מע זאָל ניט אויסבייטן, און ניט איבערגעבן דאָס ערשטע פון דעם לאַנד, וואָרום עס איז הייליק צו גאָט.

[15] און די פינף טויזנט וואָס בלייבן אין דער ברייט, [פאַר לענג] פון די פינף און צוואַנציק טויזנט, דאָס זאָל זיין וואָכעדיק, פאַר אַ שטאָט צום וווינען, און פאַר אַ פרייען פלאַץ; און די שטאָט זאָל זיין אין מיטן פון דעם. [16] און דאָס זיינען אירע מאָסן; צפון־זייט פיר טויזנט און פינף הונדערט, און דָרום־זייט פיר טויזנט און פינף הונדערט, און פון מזרח־זייט פיר טויזנט און פינף הונדערט, און מערב־זייט פיר טויזנט און פינף הונדערט. [17] און אַ פרייער פלאַץ זאָל זיין צו דער שטאָט: צו צפון צוויי הונדערט און פופציק, און צו דָרום צוויי הונדערט און פופציק, און צו מזרח צוויי הונדערט און פופציק, און צו מערב צוויי הונדערט און פופציק. [18] און וואָס בלייבט איבער אין דער לענג, אַקעגן דער הייליקער אָפּשיידונג, צען טויזנט צו מזרח, און צען טויזנט צו מערב–דאָס וואָס איז אַקעגן דער הייליקער אָפּשיידונג, זאָל דער אײַנקום דערפון זיין פאַר ברויט פאַר די אַרבעטער פון דער שטאָט. [19] און די וואָס אַרבעטן אין דער שטאָט, זאָלן עס באַאַרבעטן–פון אַלע שבטים פון ישראל. [20] די גאַנצע אָפּשיידונג, פינף און צוואַנציק טויזנט אויף פינף און צוואַנציק טויזנט; פירעקעכדיק זאָלט איר אָפּשיידן די הייליקע אָפּשיידונג מיט דעם אייגנטום פון דער שטאָט.

[21] און דאָס איבעריקע זאָל זיין פאַר דעם פירשט; פון דער זייט און פון יענער זייט פון דער הייליקער אָפּשיידונג און פון דעם אייגנטום פון דער שטאָט, אַקעגן די פינף און צוואַנציק טויזנט פון דער אָפּשיידונג ביז דעם געמאַרק צו מזרח, און צו מערב אַקעגן די פינף און צוואַנציק טויזנט ביז דעם געמאַרק צו מערב, אַקעגן די חלקים, פאַר דעם פירשט; און די הייליקע אָפּשיידונג מיט דעם הייליקטום פון הויז זאָל זיין אין מיטן פון דעם. [22] און דאָס אייגנטום פון די לוִיִים, און דאָס אייגנטום פון דער שטאָט, זאָל זיין אין מיטן פון דעם וואָס פאַרן פירשט; צווישן דעם געמאַרק פון יהודה און צווישן דעם געמאַרק פון בנימין זאָל זיין פאַר דעם פירשט.

[23] און די איבעריקע שבטים: פון מזרח־זייט ביז מערב־זייט, בנימין, איין חלק. [24] און לעבן דעם געמאַרק פון בנימין, פון מזרח־זייט ביז מערב־זייט, שמעון, איין חלק. [25] און לעבן דעם געמאַרק פון שמעון, פון מזרח־זייט ביז

מערב־זייט, יִשָׂשכָר, איין חלק. [26] און לעבן דעם געמאַרק פון יִשָׂשכָר, פון מזרח־זייט ביז מערב־זייט, זבולון, איין חלק. [27] און לעבן דעם געמאַרק פון זבולון, פון מזרח־זייט ביז מערב־זייט, גָד, איין חלק. [28] און לעבן דעם געמאַרק פון גָד, אין דָרום זייט צו דָרום, זאָל דער געמאַרק זיין פון תָּמָר ביז די וואַסערן פון מריבַת־קָדֵש, ביזן טייך, ביז צום יַם־הַגָדול. [29] דאָס איז דאָס לאַנד וואָס איר זאָלט אויסוואַרפן פאַר אַ נחלה צו די שבטים פון ישׂראל, און דאָס זיינען זייערע אַיינטיילונגען, זאָגט גאָט דער האַר.

[30] און דאָס זיינען די אויסלאָזן פון דער שטאָט: פון צפון־זייט פיר טויזנט און פינף הונדערט [שטאַנגען] אויפן מאָס; [31] און די טויערן פון דער שטאָט זאָלן זיין אויף די נעמען פון די שבטים פון ישׂראל; דריי טויערן צו צפון: דער טויער פון ראובן, איינער; דער טויער פון יהודה, איינער; דער טויער פון לֵוִי, איינער. [32] און צו מזרח־זייט פיר טויזנט און פינף הונדערט, און דריי טויערן: דער טויער פון יוסף, איינער; דער טויער פון בנימין, איינער; דער טויער פון דָן, איינער. [33] און אין דָרום־זייט פיר טויזנט און פינף הונדערט אויפן מאָס, און דריי טויערן: דער טויער פון שמעון, איינער; דער טויער פון יִשָׂשכָר, איינער; דער טויער פון זבולון, איינער. [34] מערב־זייט פיר טויזנט און פינף הונדערט; זייערע טויערן דריי: דער טויער פון גָד, איינער; דער טויער פון אָשר, איינער; דער טויער פון נפתלי, איינער. [35] רונד אַרום, אַכצן טויזנט. און דער נאָמען פון דער שטאָט זאָל זיין פון יענעם טאָג: יהוה־איז־דאָרטן[א].

[א] יהוה שָׁמָּה.

כו יָמָּה יִשָּׂשכָר אֶחָד: וְעַל ׀ גְּבוּל יִשָּׂשכָר מִפְּאַת קָדִימָה
כז עַד־פְּאַת־יָמָּה זְבוּלֻן אֶחָד: וְעַל ׀ גְּבוּל זְבוּלֻן מִפְּאַת קָדְמָה
כח עַד־פְּאַת־יָמָּה גָּד אֶחָד: וְעַל גְּבוּל גָּד אֶל־פְּאַת נֶגֶב תֵּימָנָה
וְהָיָה גְבוּל מִתָּמָר מֵי מְרִיבַת קָדֵשׁ נַחֲלָה עַל־הַיָּם הַגָּדוֹל:
כט זֹאת הָאָרֶץ אֲשֶׁר־תַּפִּילוּ מִנַּחֲלָה לְשִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל וְאֵלֶּה
ל מַחְלְקוֹתָם נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה: וְאֵלֶּה תּוֹצְאֹת הָעִיר
לא מִפְּאַת צָפוֹן חֲמֵשׁ מֵאוֹת וְאַרְבַּעַת אֲלָפִים מִדָּה: וְשַׁעֲרֵי
הָעִיר עַל־שְׁמוֹת שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל שְׁעָרִים שְׁלוֹשָׁה צָפוֹנָה
לב שַׁעַר רְאוּבֵן אֶחָד שַׁעַר יְהוּדָה אֶחָד שַׁעַר לֵוִי אֶחָד: וְאֶל־
פְּאַת קָדִימָה חֲמֵשׁ מֵאוֹת וְאַרְבַּעַת אֲלָפִים וּשְׁעָרִים
שְׁלֹשָׁה וְשַׁעַר יוֹסֵף אֶחָד שַׁעַר בִּנְיָמִן אֶחָד שַׁעַר דָּן אֶחָד:
לג וּפְאַת־נֶגְבָּה חֲמֵשׁ מֵאוֹת וְאַרְבַּעַת אֲלָפִים מִדָּה וּשְׁעָרִים
שְׁלֹשָׁה שַׁעַר שִׁמְעוֹן אֶחָד שַׁעַר יִשָּׂשכָר אֶחָד שַׁעַר זְבוּלֻן
לד אֶחָד: פְּאַת־יָמָּה חֲמֵשׁ מֵאוֹת וְאַרְבַּעַת אֲלָפִים שַׁעֲרֵיהֶם
שְׁלֹשָׁה שַׁעַר גָּד אֶחָד שַׁעַר אָשֵׁר אֶחָד שַׁעַר נַפְתָּלִי אֶחָד:
לה סָבִיב שְׁמֹנָה עָשָׂר אָלֶף וְשֵׁם־הָעִיר מִיּוֹם יְהוָה ׀ שָׁמָּה:

# חזק

סכום הפסוקים של יחזקאל אלף ומאתים ושבעים ושלשה. כאיל תערג על אפיקי מים כן נפשי תערג אליך אלהים סימן. וחציו. ויהי בעשתי עשרה שנה באחד לחדש. וסדריו תשעה ועשרים ותרא אתו כי טוב הוא סימן:

# תרי-עשר

## הוֹשֵׁעַ

א דְּבַר־יְהוָה ׀ אֲשֶׁר הָיָה אֶל־הוֹשֵׁעַ בֶּן־בְּאֵרִי בִּימֵי עֻזִּיָּה
יוֹתָם אָחָז יְחִזְקִיָּה מַלְכֵי יְהוּדָה וּבִימֵי יָרָבְעָם בֶּן־יוֹאָשׁ
ב מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל׃ תְּחִלַּת דִּבֶּר־יְהוָה בְּהוֹשֵׁעַ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־
הוֹשֵׁעַ לֵךְ קַח־לְךָ אֵשֶׁת זְנוּנִים וְיַלְדֵי זְנוּנִים כִּי־זָנֹה תִזְנֶה
ג הָאָרֶץ מֵאַחֲרֵי יְהוָה׃ וַיֵּלֶךְ וַיִּקַּח אֶת־גֹּמֶר בַּת־דִּבְלָיִם
ד וַתַּהַר וַתֵּלֶד לוֹ בֵּן׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָיו קְרָא שְׁמוֹ יִזְרְעֶאל
כִּי־עוֹד מְעַט וּפָקַדְתִּי אֶת־דְּמֵי יִזְרְעֶאל עַל־בֵּית יֵהוּא
ה וְהִשְׁבַּתִּי מַמְלְכוּת בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא וְשָׁבַרְתִּי
ו אֶת־קֶשֶׁת יִשְׂרָאֵל בְּעֵמֶק יִזְרְעֶאל׃ וַתַּהַר עוֹד וַתֵּלֶד בַּת
וַיֹּאמֶר לוֹ קְרָא שְׁמָהּ לֹא רֻחָמָה כִּי לֹא אוֹסִיף עוֹד אֲרַחֵם
ז אֶת־בֵּית יִשְׂרָאֵל כִּי־נָשֹׂא אֶשָּׂא לָהֶם׃ וְאֶת־בֵּית יְהוּדָה
אֲרַחֵם וְהוֹשַׁעְתִּים בַּיהוָה אֱלֹהֵיהֶם וְלֹא אוֹשִׁיעֵם בְּקֶשֶׁת
ח וּבְחֶרֶב וּבְמִלְחָמָה בְּסוּסִים וּבְפָרָשִׁים׃ וַתִּגְמֹל אֶת־לֹא
ט רֻחָמָה וַתַּהַר וַתֵּלֶד בֵּן׃ וַיֹּאמֶר קְרָא שְׁמוֹ לֹא עַמִּי כִּי אַתֶּם
לֹא עַמִּי וְאָנֹכִי לֹא־אֶהְיֶה לָכֶם׃

ב

א וְהָיָה מִסְפַּר בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל כְּחוֹל הַיָּם אֲשֶׁר לֹא־יִמַּד וְלֹא
יִסָּפֵר וְהָיָה בִּמְקוֹם אֲשֶׁר־יֵאָמֵר לָהֶם לֹא־עַמִּי אַתֶּם
ב יֵאָמֵר לָהֶם בְּנֵי אֵל־חָי׃ וְנִקְבְּצוּ בְּנֵי־יְהוּדָה וּבְנֵי־יִשְׂרָאֵל
יַחְדָּו וְשָׂמוּ לָהֶם רֹאשׁ אֶחָד וְעָלוּ מִן־הָאָרֶץ כִּי גָדוֹל יוֹם

א׳ הפטרת במדבר סיני

א 1 דאָס וואָרט פון גאָט וואָס איז געווען צו הוֹשֵׁעַ דעם זון פון בְּאֵרִין, אין די טעג פון עוּזִיָה, יוֹתָם, אָחָז, יחִזקִיָה, די מלכים פון יהודה, און אין די טעג פון יָרָבעָם דעם זון פון יוֹאָשן, דעם מלך פון ישׂראל.

2 דאָס ערשטע וואָס גאָט האָט גערעדט צו הוֹשֵׁעַן, האָט גאָט געזאָגט צו הוֹשֵׁעַן:

גיי נעם דיר אַ ווייב אַ זונה,
און קינדער פון אַ זונה,
וואָרום מזַנה טוט מזַנה זיין דאָס לאַנד,
אַוועק פון הינטער גאָט.

3 איז ער געגאַנגען און האָט גענומען גוֹמֶר די טאָכטער פון דִבלַיִמען, און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט אים געבאָרן אַ זון. 4 און גאָט האָט צו אים געזאָגט:

רוף זיין נאָמען יִזרְעֶאל,
וואָרום נאָך אַ קליין ווײלע,
און איך וועל זיך רעכענען פאַר דעם בלוט פון יִזרְעֶאל
מיט דעם הויז פון יֵהוּא,
און איך וועל פאַרשטערן די מלוכה
פון דעם הויז פון ישׂראל.
5 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועל איך צעברעכן דעם בויגן פון ישׂראל אין טאָל יִזרְעֶאל.

6 און זי איז ווידער טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ טאָכטער. און ער האָט צו אים געזאָגט:

רוף איר נאָמען לֹא־רוּחָמָה,
וואָרום איך וועל מער ווידער ניט רחמנות האָבן
אויף דעם הויז פון ישׂראל,
אַז פאַרגעבן זאָל איך זיי פאַרגעבן.
7 אָבער אויף דעם הויז פון יהודה
וועל איך רחמנות האָבן,
און איך וועל זיי העלפן דורך יהוה זייער גאָט,
און איך וועל זיי ניט העלפן דורך בויגן
און דורך שווערד און דורך מלחמה,
דורך פערד און דורך רייטער.

8 און זי האָט אַנטוויינט לֹא־רוּחָמָהן, און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון. 9 און ער האָט געזאָגט:

רוף זיין נאָמען לֹא־עַמִּי[א],
וואָרום איר זייט ניט מיין פאָלק,
און איך בין ניט אײַערער.

[א] ניט מיין פאָלק.

ב 1 און די צאָל פון די קינדער פון ישׂראל
וועט זיין אַזוי ווי דער זאַמד פון ים,
וואָס קען ניט געמאָסטן און ניט געציילט ווערן;
און עס וועט זיין,
אָנשטאָט וואָס צו זיי פלעגט געזאָגט ווערן:
איר זייט ניט מיין פאָלק,
וועט צו זיי געזאָגט ווערן:
קינדער פון דעם לעבעדיקן גאָט.
2 און די קינדער פון יהודה און די קינדער פון ישׂראל
וועלן זיך אײַנזאַמלען אין איינעם,
און זיי וועלן זיך מאַכן איין הויפּטמאַן,
און זיי וועלן אַרויפגיין פון דעם לאַנד,
וואָרום גרויס וועט זיין דער טאָג פון יִזרְעֶאל.

3 זאָגט צו אַייערע ברידער: עַמִּי[א],
און צו אַייער שוועסטער: רוּחָמָה[ב].

4 קריגט אַייך מיט אַייער מוטער, קריגט אַייך,
וואָרום זי איז ניט מיין ווייב, און איך בין ניט איר מאַן;
און זאָל זי אָפּטאָן איר זנוּת פון איר פּנים,
און איר ניאוּף פון צווישן אירע בריסט.
5 אַניט וועל איך זי אויסטאָן אַ נאַקעטע,
און זי לאָזן שטיין ווי אין טאָג פון איר געבאָרנשאַפט;
און איך וועל זי מאַכן ווי אַ מדבר,
און זי לאָזן ווערן ווי אַ טרוקן לאַנד,
און זי טייטן מיט דאָרשט.
6 און אירע קינדער וועל איך ניט דערבאַרימען,
וואָרום קינדער פון זנוּת זיינען זיי.
7 וואָרום מזַנה געווען האָט זייער מוטער,
פאַרמיאוסט האָט זיך זייער געווינערין.
וואָרום זי האָט געזאָגט:
איך וועל גיין נאָך מיינע ליבהאָבער,
די וואָס גיבן מיין ברויט און מיין וואַסער,
מיין וואָל און מיין פלאַקס, מיין אייל און מיין טראַנק.
8 דרום זע, איך פאַרשטעל דיין וועג מיט דערנער,
און וועל פאַרצאַמען אַ צאַם אַרום איר,
אַז זי זאָל אירע שטעגן ניט געפינען.
9 און זי וועט נאָכיאָגן אירע ליבהאָבער און זיי ניט דער־
גרייכן,
און זי וועט זיי זוכן און ניט געפינען;
און זי וועט זאָגן:
איך וועל גיין און זיך אומקערן צו מיין ערשטן מאַן,
וואָרום דענסמאָל איז מיר בעסער געווען ווי אַצונד.
10 און זי ווייס ניט, אַז דאָס האָב איך איר געגעבן
די תּבוּאה, דעם וויין, און דאָס אייל;
און דאָס זילבער און גאָלד וואָס איך האָב איר געמערט,
האָבן זיי פאַרטאָן אויף בַּעַל.
11 דרום וועל איך צוריקנעמען מיין תּבוּאה אין איר צייט,
און מיין וויין אין זיין געשטעלטער צייט,
און איך וועל אַוועקרייסן מיין וואָל און מיין פלאַקס,
וואָס איז געווען איר נאַקעטקייט צו פאַרדעקן.
12 און אַצונד וועל איך אַנטפּלעקן איר שאַנד
פאַר די אויגן פון אירע ליבהאָבער,
און קיינער וועט זי ניט מציל זיין פון מיין האַנט.
13 און איך וועל מאַכן אויפהערן איר גאַנצע פרייד;
איר יָום־טוב, איר ראש־חודש, און איר שבת,
און אַלע אירע פייערטעג.
14 און איך וועל פאַרוויסטן איר ווייַנשטאָק און איר
פייגנבוים,
וואָס זי האָט געזאָגט: אַ מתּנה זיינען זיי מיר,
וואָס מיינע ליבהאָבער האָבן מיר געגעבן;
און איך וועל זיי מאַכן פאַר אַ וואַלד,
און די חיה פון פעלד וועט זיי אויפעסן.
15 און איך וועל זיך רעכענען מיט איר
פאַר די טעג פון די בַּעַל־געטער,
וואָס זי האָט געריי‍כערט צו זיי,
און אָנגעטאָן אירע אויררינגען און איר צירונג,

ג ד יִזְרְעֶאל׃ אִמְרוּ לַאֲחֵיכֶם עַמִּי וְלַאֲחוֹתֵיכֶם רֻחָמָה׃ רִיבוּ
בְאִמְּכֶם רִיבוּ כִּי־הִיא לֹא אִשְׁתִּי וְאָנֹכִי לֹא אִישָׁהּ וְתָסֵר
ה זְנוּנֶיהָ מִפָּנֶיהָ וְנַאֲפוּפֶיהָ מִבֵּין שָׁדֶיהָ׃ פֶּן־אַפְשִׁיטֶנָּה
עֲרֻמָּה וְהִצַּגְתִּיהָ כְּיוֹם הִוָּלְדָהּ וְשַׂמְתִּיהָ כַמִּדְבָּר וְשַׁתִּהָ
ו כְּאֶרֶץ צִיָּה וַהֲמִתִּיהָ בַּצָּמָא׃ וְאֶת־בָּנֶיהָ לֹא אֲרַחֵם כִּי־
ז בְנֵי זְנוּנִים הֵמָּה׃ כִּי זָנְתָה אִמָּם הֹבִישָׁה הוֹרָתָם כִּי
אָמְרָה אֵלְכָה אַחֲרֵי מְאַהֲבַי נֹתְנֵי לַחְמִי וּמֵימַי צַמְרִי
ח וּפִשְׁתִּי שַׁמְנִי וְשִׁקּוּיָי׃ לָכֵן הִנְנִי־שָׂךְ אֶת־דַּרְכֵּךְ בַּסִּירִים
ט וְגָדַרְתִּי אֶת־גְּדֵרָהּ וּנְתִיבוֹתֶיהָ לֹא תִמְצָא׃ וְרִדְּפָה אֶת־
מְאַהֲבֶיהָ וְלֹא־תַשִּׂיג אֹתָם וּבִקְשָׁתַם וְלֹא תִמְצָא וְאָמְרָה
אֵלְכָה וְאָשׁוּבָה אֶל־אִישִׁי הָרִאשׁוֹן כִּי טוֹב לִי אָז מֵעָתָּה׃
י וְהִיא לֹא יָדְעָה כִּי אָנֹכִי נָתַתִּי לָהּ הַדָּגָן וְהַתִּירוֹשׁ
יא וְהַיִּצְהָר וְכֶסֶף הִרְבֵּיתִי לָהּ וְזָהָב עָשׂוּ לַבָּעַל׃ לָכֵן אָשׁוּב
וְלָקַחְתִּי דְגָנִי בְּעִתּוֹ וְתִירוֹשִׁי בְּמוֹעֲדוֹ וְהִצַּלְתִּי צַמְרִי
יב וּפִשְׁתִּי לְכַסּוֹת אֶת־עֶרְוָתָהּ׃ וְעַתָּה אֲגַלֶּה אֶת־נַבְלֻתָהּ
יג לְעֵינֵי מְאַהֲבֶיהָ וְאִישׁ לֹא־יַצִּילֶנָּה מִיָּדִי׃ וְהִשְׁבַּתִּי כָּל־
יד מְשׂוֹשָׂהּ חַגָּהּ חָדְשָׁהּ וְשַׁבַּתָּהּ וְכֹל מוֹעֲדָהּ׃ וַהֲשִׁמֹּתִי
גַּפְנָהּ וּתְאֵנָתָהּ אֲשֶׁר אָמְרָה אֶתְנָה הֵמָּה לִי אֲשֶׁר נָתְנוּ־
טו לִי מְאַהֲבָי וְשַׂמְתִּים לְיַעַר וַאֲכָלָתַם חַיַּת הַשָּׂדֶה׃ וּפָקַדְתִּי
עָלֶיהָ אֶת־יְמֵי הַבְּעָלִים אֲשֶׁר תַּקְטִיר לָהֶם וַתַּעַד נִזְמָהּ
וְחֶלְיָתָהּ וַתֵּלֶךְ אַחֲרֵי מְאַהֲבֶיהָ וְאֹתִי שָׁכְחָה נְאֻם־יְהוָה׃
טז לָכֵן הִנֵּה אָנֹכִי מְפַתֶּיהָ וְהֹלַכְתִּיהָ הַמִּדְבָּר וְדִבַּרְתִּי עַל־
יז לִבָּהּ׃ וְנָתַתִּי לָהּ אֶת־כְּרָמֶיהָ מִשָּׁם וְאֶת־עֵמֶק עָכוֹר לְפֶתַח
תִּקְוָה וְעָנְתָה שָּׁמָּה כִּימֵי נְעוּרֶיהָ וּכְיוֹם עֲלוֹתָהּ מֵאֶרֶץ
יח מִצְרָיִם׃ וְהָיָה בַיּוֹם־הַהוּא נְאֻם־יְהוָה תִּקְרְאִי אִישִׁי
יט וְלֹא־תִקְרְאִי־לִי עוֹד בַּעְלִי׃ וַהֲסִרֹתִי אֶת־שְׁמוֹת הַבְּעָלִים
כ מִפִּיהָ וְלֹא־יִזָּכְרוּ עוֹד בִּשְׁמָם׃ וְכָרַתִּי לָהֶם בְּרִית בַּיּוֹם
הַהוּא עִם־חַיַּת הַשָּׂדֶה וְעִם־עוֹף הַשָּׁמַיִם וְרֶמֶשׂ הָאֲדָמָה

און געגאַנגען נאָך אירע ליבהאָבער,
און אָן מיר האָט זי פאַרגעסן, זאָגט גאָט.
16 אָבער זע, איך רעד זי איבער,
און וועל זי אַוועקפירן אין מדבר,
און וועל רעדן צו איר האַרצן.
17 און איך וועל איר אָפּגעבן אירע ווייַנגערטנער דענסמאָל,
און דעם טאָל פון קומער[ג] פאַר אַ טיר פון האָפענונג;
און זי וועט דאָרטן זינגען ווי אין די טעג פון איר יוגנט
און ווי אין טאָג פון איר אַרויפגיין פון לאַנד מִצרַיִם.
18 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט,
וועסטו רופן: מיין מאַן[ד],
און וועסט מיך מער ניט רופן: מיין אויבערהאַר[ה].
19 און איך וועל אָפּטאָן די נעמען פון די בַּעַל־געטער פון
איר מויל,
און זיי וועלן מער ניט געדאַכט ווערן מיט זייער נאָמען.
20 און איך וועל זיי שליסן אַ בונד אין יענעם טאָג,
מיט דער חיה פון פעלד, און מיט דעם פויגל פון הימל,
און מיט דעם שרץ פון דער ערד.

[א] מיין פאָלק. [ב] דערבאַרימטע. [ג] דעם טאָל עָכוֹר. [ד] אִישִׁי. [ה] בַּעֲלִי.

וְקֶשֶׁת וְחֶרֶב וּמִלְחָמָה אֶשְׁבּוֹר מִן־הָאָרֶץ וְהִשְׁכַּבְתִּים
לָבֶטַח׃ וְאֵרַשְׂתִּיךְ לִי לְעוֹלָם וְאֵרַשְׂתִּיךְ לִי בְּצֶדֶק כא
וּבְמִשְׁפָּט וּבְחֶסֶד וּבְרַחֲמִים׃ וְאֵרַשְׂתִּיךְ לִי בֶּאֱמוּנָה וְיָדַעַתְּ כב
אֶת־יְהוָה׃ וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא אֶעֱנֶה נְאֻם־יְהוָה אֶעֱנֶה כג
אֶת־הַשָּׁמָיִם וְהֵם יַעֲנוּ אֶת־הָאָרֶץ׃ וְהָאָרֶץ תַּעֲנֶה אֶת־ כד
הַדָּגָן וְאֶת־הַתִּירוֹשׁ וְאֶת־הַיִּצְהָר וְהֵם יַעֲנוּ אֶת־יִזְרְעֶאל׃
וּזְרַעְתִּיהָ לִּי בָּאָרֶץ וְרִחַמְתִּי אֶת־לֹא רֻחָמָה וְאָמַרְתִּי לְלֹא־ כה
עַמִּי עַמִּי־אַתָּה וְהוּא יֹאמַר אֱלֹהָי׃

ג

וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי עוֹד לֵךְ אֱהַב אִשָּׁה אֲהֻבַת רֵעַ וּמְנָאָפֶת א
כְּאַהֲבַת יְהוָה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְהֵם פֹּנִים אֶל־אֱלֹהִים
אֲחֵרִים וְאֹהֲבֵי אֲשִׁישֵׁי עֲנָבִים׃ וָאֶכְּרֶהָ לִּי בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר ב
כָּסֶף וְחֹמֶר שְׂעֹרִים וְלֵתֶךְ שְׂעֹרִים׃ וָאֹמַר אֵלֶיהָ יָמִים ג
רַבִּים תֵּשְׁבִי לִי לֹא תִזְנִי וְלֹא תִהְיִי לְאִישׁ וְגַם־אֲנִי אֵלָיִךְ׃
כִּי ׀ יָמִים רַבִּים יֵשְׁבוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֵין מֶלֶךְ וְאֵין שָׂר ד
וְאֵין זֶבַח וְאֵין מַצֵּבָה וְאֵין אֵפוֹד וּתְרָפִים׃ אַחַר יָשֻׁבוּ ה
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּבִקְשׁוּ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם וְאֵת דָּוִיד מַלְכָּם
וּפָחֲדוּ אֶל־יְהוָה וְאֶל־טוּבוֹ בְּאַחֲרִית הַיָּמִים׃

ד

שִׁמְעוּ דְבַר־יְהוָה בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כִּי רִיב לַיהוָה עִם־יוֹשְׁבֵי א
הָאָרֶץ כִּי אֵין־אֱמֶת וְאֵין־חֶסֶד וְאֵין־דַּעַת אֱלֹהִים בָּאָרֶץ׃
אָלֹה וְכַחֵשׁ וְרָצֹחַ וְגָנֹב וְנָאֹף פָּרָצוּ וְדָמִים בְּדָמִים נָגָעוּ׃ ב
עַל־כֵּן ׀ תֶּאֱבַל הָאָרֶץ וְאֻמְלַל כָּל־יוֹשֵׁב בָּהּ בְּחַיַּת הַשָּׂדֶה ג
וּבְעוֹף הַשָּׁמָיִם וְגַם־דְּגֵי הַיָּם יֵאָסֵפוּ׃ אַךְ אִישׁ אַל־יָרֵב ד
וְאַל־יוֹכַח אִישׁ וְעַמְּךָ כִּמְרִיבֵי כֹהֵן׃ וְכָשַׁלְתָּ הַיּוֹם וְכָשַׁל ה
גַּם־נָבִיא עִמְּךָ לָיְלָה וְדָמִיתִי אִמֶּךָ׃ נִדְמוּ עַמִּי מִבְּלִי ו
הַדָּעַת כִּי־אַתָּה הַדַּעַת מָאַסְתָּ וְאֶמְאָסְאךָ מִכַּהֵן לִי

ב, כב׳ עד כאן   ד, ב׳ קמץ בז״ק   ו׳ יתיר א

און אַ בויגן און שווערד און מלחמה וועל איך צעבּרעכן
פון לאַנד,
און איך וועל זיי מאַכן ליגן אין זיכערקייט.
21 און איך וועל דיך פאַרקנסן צו מיר אויף אייביק,
און דיך פאַרקנסן צו מיר מיט רעכט און מיט גערעכ־
טיקייט,
און מיט גנאָד און מיט באַרימהאַרציקייט.
22 און איך וועל דיך פאַרקנסן צו מיר מיט טרייִשאַפט,
און וועסט דערקענען גאָט.
23 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועל איך ענטפערן, זאָגט גאָט,
וועל איך ענטפערן די הימלען,
און זיי וועלן ענטפערן דער ערד,
24 און די ערד וועט ענטפערן דער תּבֿואה,
און דעם וויין, און דעם אייל,
און זיי וועלן ענטפערן יזרעאל.
25 און איך וועל זי מיר אײַנזייען אין לאַנד,
און איך וועל דערבאַרימען די ניט־דערבאַרימטע,
און וועל זאָגן צו ניט־מיין־פאָלק: מיין פאָלק ביסטו,
און ער וועט זאָגן: מיין גאָט.

ג 1 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט:
גיי ווידער האָב ליב אַ פרוי,
געליבט פון אַ ליבהאָבער, אָבער אַ נואפטע;
אַזוי ווי יהוה האָט ליב די קינדער פון ישׂראל,
און זיי קערן זיך צו פרעמדע געטער,
און האָבן ליב טרויבנקוכנס.

2 האָב איך זי מיר געקויפט פאַר פופצן זילבער־
שטיק, און אַ חומר גערשטן, און אַ לתך גערשטן. 3 און
איך האָב צו איר געזאָגט:
פיל טעג זאָלסטו מיר זיצן אַליין,
זאָלסט ניט מזנה זיין,
און ניט געהערן צו קיין מאַן,
און דעסגלייכן איך קעגן דיר.
4 וואָרום פיל טעג וועלן די קינדער פון ישׂראל
זיצן אָן אַ מלך, און אָן אַ האַר,
און אָן אַ שלאַכטאָפּפער, און אָן אַ זײַלשטיין,
און אָן אַן אפוד און תּרפים.
5 דערנאָך וועלן די קינדער פון ישׂראל זיך אומקערן,
און זיי וועלן זוכן יהוה זייער גאָט,
און דוד זייער מלך,
און זיי וועלן אַנגסטן צו יהוה און צו זיין גוטס,
אין סוף פון די טעג.

ד 1 הערט דאָס וואָרט פון גאָט, איר קינדער פון ישׂראל,
וואָרום גאָט האָט אַ קריג מיט די באַוווינער פון לאַנד,
ווייל קיין אמת און קיין גענאָד,
און קיין דערקענונג פון גאָט איז ניטאָ אין לאַנד.
2 שווערן און לייקענען און טייטן
און גנבֿען און מזנה זיין, זיינען פאַרשפּרייט,
און בלוט אָן בלוט רירט זיך אָן.
3 דרום וועט טרויערן דאָס לאַנד,
און פאַרוועלקט ווערן וועט איטלעכער וווינער דערין,
מיט דער חיה פון פעלד, און מיטן פויגל פון הימל;
און אַפילו די פישן פון ים וועלן אײַנגעטאָן ווערן.
4 אָבער קיינער טאָר זיך ניט קריגן,
און ניט שטראָפן טאָר קיינער,
וואָרום דיין פאָלק זיינען אַזעלכע
וואָס קריגן זיך מיטן כּהן.
5 דרום וועסטו שטרויכלען ביי טאָג,
און אויך דער נביא וועט געשטרויכלט ווערן מיט דיר ביי
נאַכט,
און איך וועל פאַרשניידן דיין מוטער.
6 פאַרשניטן ווערט מיין פאָלק פון ניט פאַרשטאַנדיקייט;
ווייל דו האָסט פאַראַכט וויסן,
דרום האָב איך דיך פאַראַכט פון צו זיין מיר אַ כּהן;

ז וַתִּשְׁכַּח תּוֹרַת אֱלֹהֶיךָ אֶשְׁכַּח בָּנֶיךָ גַּם־אָנִי׃ כְּרֻבָּם כֵּן
ח חָטְאוּ־לִי כְּבוֹדָם בְּקָלוֹן אָמִיר׃ חַטַּאת עַמִּי יֹאכֵלוּ וְאֶל־
ט עֲוֺנָם יִשְׂאוּ נַפְשׁוֹ׃ וְהָיָה כָעָם כַּכֹּהֵן וּפָקַדְתִּי עָלָיו דְּרָכָיו
י וּמַעֲלָלָיו אָשִׁיב לוֹ׃ וְאָכְלוּ וְלֹא יִשְׂבָּעוּ הִזְנוּ וְלֹא יִפְרֹצוּ
יא כִּי־אֶת־יְהוָה עָזְבוּ לִשְׁמֹר׃ זְנוּת וְיַיִן וְתִירוֹשׁ יִקַּח־לֵב׃
יב עַמִּי בְּעֵצוֹ יִשְׁאָל וּמַקְלוֹ יַגִּיד לוֹ כִּי רוּחַ זְנוּנִים הִתְעָה
יג וַיִּזְנוּ מִתַּחַת אֱלֹהֵיהֶם׃ עַל־רָאשֵׁי הֶהָרִים יְזַבֵּחוּ וְעַל־
הַגְּבָעוֹת יְקַטֵּרוּ תַּחַת אַלּוֹן וְלִבְנֶה וְאֵלָה כִּי־טוֹב צִלָּהּ
יד עַל־כֵּן תִּזְנֶינָה בְּנוֹתֵיכֶם וְכַלּוֹתֵיכֶם תְּנָאַפְנָה׃ לֹא־אֶפְקוֹד
עַל־בְּנוֹתֵיכֶם כִּי תִזְנֶינָה וְעַל־כַּלּוֹתֵיכֶם כִּי תְנָאַפְנָה כִּי־הֵם
עִם־הַזֹּנוֹת יְפָרֵדוּ וְעִם־הַקְּדֵשׁוֹת יְזַבֵּחוּ וְעָם לֹא־יָבִין
טו יִלָּבֵט׃ אִם־זֹנֶה אַתָּה יִשְׂרָאֵל אַל־יֶאְשַׁם יְהוּדָה וְאַל־
תָּבֹאוּ הַגִּלְגָּל וְאַל־תַּעֲלוּ בֵּית אָוֶן וְאַל־תִּשָּׁבְעוּ חַי־יְהוָה׃
טז כִּי כְּפָרָה סֹרֵרָה סָרַר יִשְׂרָאֵל עַתָּה יִרְעֵם יְהוָה כְּכֶבֶשׂ
יז יח בַּמֶּרְחָב׃ חֲבוּר עֲצַבִּים אֶפְרָיִם הַנַּח־לוֹ׃ סָר סָבְאָם
יט הַזְנֵה הִזְנוּ אָהֲבוּ הֵבוּ קָלוֹן מָגִנֶּיהָ׃ צָרַר רוּחַ אוֹתָהּ
בִּכְנָפֶיהָ וְיֵבֹשׁוּ מִזִּבְחוֹתָם׃

## ה

א שִׁמְעוּ־זֹאת הַכֹּהֲנִים וְהַקְשִׁיבוּ ׀ בֵּית יִשְׂרָאֵל וּבֵית הַמֶּלֶךְ
הַאֲזִינוּ כִּי לָכֶם הַמִּשְׁפָּט כִּי־פַח הֱיִיתֶם לְמִצְפָּה וְרֶשֶׁת
ב פְּרוּשָׂה עַל־תָּבוֹר׃ וְשַׁחֲטָה שֵׂטִים הֶעְמִיקוּ וַאֲנִי מוּסָר
ג לְכֻלָּם׃ אֲנִי יָדַעְתִּי אֶפְרַיִם וְיִשְׂרָאֵל לֹא־נִכְחַד מִמֶּנִּי כִּי
ד עַתָּה הִזְנֵיתָ אֶפְרַיִם נִטְמָא יִשְׂרָאֵל׃ לֹא יִתְּנוּ מַעַלְלֵיהֶם
לָשׁוּב אֶל־אֱלֹהֵיהֶם כִּי רוּחַ זְנוּנִים בְּקִרְבָּם וְאֶת־יְהוָה לֹא
ה יָדָעוּ׃ וְעָנָה גְאוֹן־יִשְׂרָאֵל בְּפָנָיו וְיִשְׂרָאֵל וְאֶפְרַיִם יִכָּשְׁלוּ
ו בַּעֲוֺנָם כָּשַׁל גַּם־יְהוּדָה עִמָּם׃ בְּצֹאנָם וּבִבְקָרָם יֵלְכוּ
ז לְבַקֵּשׁ אֶת־יְהוָה וְלֹא יִמְצָאוּ חָלַץ מֵהֶם׃ בַּיהוָה בָּגָדוּ

---

ד, י׳ יב׳ קמץ מ״ק יא׳ ס״א יין יז׳ קמץ בטרחא יט׳ כציל
ה, ז׳ קמץ מ״ק

אַז דו האָסט פאַרגעסן די תּורה פון דיין גאָט,
וועל איך אויך פאַרגעסן אָן דיינע קינדער.
7 ווי זיי האָבן זיך געמערט, אַזוי האָבן זיי געזינדיקט צו מיר;
וועל איך זייער כּבוד אויף שאַנד אומבייטן.
8 זיי נערן זיך אויף די זינד פון מיין פאָלק,
און אויף זייער פאַרברעך קוקן זיי אויס.
9 דרום וועט זיין, אַזוי דאָס פאָלק אַזוי דער כּהן,
און איך וועל זיך רעכענען מיט אים פאַר זיינע וועגן,
און זיינע מעשׂים וועל איך אים אומקערן.
10 און זיי וועלן עסן און ניט זאַט ווערן,
זיי זיינען מזנה, אָבער זיי וועלן זיך ניט מערן;
ווייל זיי האָבן אויפגעהערט אויף גאָט צו אַכטן.
11 זנות און וויין און טרויבנזאַפט
באַנעמט דאָס האַרץ.
12 מיין פאָלק פרעגט ביי זיי האָלץ,
און זיין שטעקן באַשיידט אים;
וואָרום אַ גייסט פון זנות האָט פאַרפירט,
און זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פון אונטער זייער גאָט.
13 אויף די שפּיצן בערג שלאַכטן זיי,
און אויף די הייכן רייכערן זיי,
אונטער אייכנבוים און טאָפּאָל און טערעבינט,
ווייל זיין שאָטן איז גוט.
דרום זיינען אַייערע טעכטער מזנה,
און אַייערע שניר זיינען אומטריי
14 איך פאַרדענק ניט אַייערע טעכטער וואָס זיי זיינען מזנה,
און אַייערע שניר וואָס זיי זיינען אומטריי,
אַז זיי אַליין גייען מיט זונות אַוועק,
און מיט שאַנדווייבער ברענגען זיי שלאַכטאָפּפער;
און דאָס פאָלק וואָס פאַרשטייט ניט, ווערט
געשטרויכלט.
15 אויב דו ישׂראל ביסט מזנה,
זאָל זיך יהודה ניט פאַרשולדיקן;
און קומט ניט קיין גִלגָל,
און גייט ניט אַרויף קיין בֵּית־אָוֶן,
און שווערט ניט: אַזוי ווי יהוה לעבט!
16 וואָרום אַזוי ווי אַ ווידערשפּעניקע קו
האָט ווידערשפּעניקט ישׂראל;
זאָל גאָט זיי אַצונד פּיטערן
ווי אַ שעפּס אין דערברייטערניש?
17 באַהעפט צו געצנבילדער איז אפרים,
לאָז אים צו רו.
18 גייט אָפּ זייער שִׁכּרות,
זיינען זיי אין זנות פאַרזונקען;
אַיינגעליבט אין שאַנד
זיינען אירע באַשיצער.
19 דער ווינט האָט זיי אַיינגעבונדן אין זיינע פליגלען;
און זיי וועלן זיך שעמען מיט זייערע שלאַכטאָפּפער.

ה 1 הערט דאָס צו, איר כּהנים,
און פאַרנעמט, איר הויז פון ישׂראל,
און איר הויז פון מלך, לייגט צו דאָס אויער,
וואָרום אויף אַייך איז אַ משפּט פאַראַן,
ווייל אַ פּאַסטקע זייט איר געווען פאַר מִצפָּה,
און אַן אויסגעשפּרייטע נעץ אויף תָּבוֹר.
2 און די אָפּקערער זיינען אין שעכטן פאַרטיפט,
און איך בין אָפּגעטאָן ביי זיי אַלעמען.
3 איך קען אפרים,
און ישׂראל איז ניט פאַרהוילן פון מיר;
וואָרום אַצונד האָסטו מזנה געווען, אפרים,
פאַראומרייניקט געוואָרן איז ישׂראל.
4 זייערע מעשׂים לאָזן זיי ניט
זיך אומצוקערן צו זייער גאָט,
וואָרום אַ גייסט פון זנות איז אין זיי,
און יהוה קענען זיי ניט.
5 און דער שטאָלץ פון ישׂראל וועט געבייגט ווערן פאַר
זיין פּנים,
און ישׂראל און אפרים וועלן געשטרויכלט ווערן
דורך זייער זינד,
אויך יהודה טוט שטרויכלען מיט זיי.
6 מיט זייערע שאָף און מיט זייערע רינדער
וועלן זיי גיין זוכן גאָט,
אָבער זיי וועלן ניט געפינען—
ער האָט זיך אָפּגעטאָן פון זיי.
7 זיי האָבן אָן גאָט געפעלשט,

כי־בנים זרים ילדו עתה יאכלם חדש את־חלקיהם׃
תקעו שופר בגבעה חצצרה ברמה הריעו בית ח
און אחריך בנימן׃ אפרים לשמה תהיה ביום תוכחה ט
בשבטי ישראל הודעתי נאמנה׃ היו שרי יהודה י
כמסיגי גבול עליהם אשפוך כמים עברתי׃ עשוק יא
אפרים רצוץ משפט כי הואיל הלך אחרי־צו׃ ואני יב
כעש לאפרים וכרקב לבית יהודה׃ וירא אפרים את־ יג
חליו ויהודה את־מזרו וילך אפרים אל־אשור וישלח
אל־מלך ירב והוא לא יוכל לרפא לכם ולא־יגהה מכם
מזור׃ כי אנכי כשחל לאפרים וככפיר לבית יהודה יד
אני אני אטרף ואלך אשא ואין מציל׃ אלך אשובה טו
אל־מקומי עד אשר־יאשמו ובקשו פני בצר להם
ישחרנני׃

ו

לכו ונשובה אל־יהוה כי הוא טרף וירפאנו יך א
ויחבשנו׃ יחינו מימים ביום השלישי יקמנו ונחיה ב
לפניו׃ ונדעה נרדפה לדעת את־יהוה כשחר נכון ג
מצאו ויבוא כגשם לנו כמלקוש יורה ארץ׃ מה אעשה־ ד
לך אפרים מה אעשה־לך יהודה וחסדכם כענן־בקר
וכטל משכים הלך׃ על־כן חצבתי בנביאים הרגתים ה
באמרי־פי ומשפטיך אור יצא׃ כי חסד חפצתי ולא־ ו
זבח ודעת אלהים מעלות׃ והמה כאדם עברו ברית ז
שם בגדו בי׃ גלעד קרית פעלי און עקבה מדם׃ ח
וכחכי איש גדודים חבר כהנים דרך ירצחו־שכמה כי ט
זמה עשו׃ בבית ישראל ראיתי שעריריה שם זנות י
לאפרים נטמא ישראל׃ גם־יהודה שת קציר לך בשובי יא
שבות עמי׃

ו, א׳ קמץ בלא אסיף ז׳ שערוריה קרי

וואָרום פרעמדע קינדער האָבן זיי געבאָרן;
אַצונד וועט זיי אַ חודש
פאַרצערן מיט זייערע פעלדער.
8 בלאָזט אַ שופר אין גִבעָה,
אַ טרומייטער אין רָמָה;
שאַלט אין בֵית־אָוֶן:
קוק זיך אום, בנימין!
9 אפרים וועט צו וויסט ווערן אין טאָג פון שטראָף;
אין די שבטים פון ישראל טו איך עס צו וויסן אויף זיכער.
10 די האַרן פון יהודה זיינען ווי גרענעצפאַרכאַפער,
אויף זיי וועל איך אויסגיסן ווי וואַסער מיין צאָרן.
11 געדריקט ווערט אפרים, צעבראָכן פון משפט,
ווייל ער איז ווילנדיק געגאַנגען נאָך קויט.
12 און איך בין ווי אַ מאָיל צו אפרים,
און ווי אַ פוילונג צו דעם הויז פון יהודה.
13 און אפרים האָט געזען זיין קראַנקשאַפט,
און יהודה זיין ווונד;
איז אפרים געגאַנגען צו אַשור,
און האָט געשיקט צום מלך „שטרייטער";
אָבער ער קען אַייך ניט היילן,
און ער וועט ניט אָפּטאָן פון אַייך די ווונד.
14 וואָרום איך וועל זיין ווי אַ לייב צו אפרים,
און ווי אַ יונגלייב צום הויז פון יהודה;
איך, איך וועל פאַרצוקן און אַוועקגיין,
אַוועקטראָגן, און קיינער וועט ניט מציל זיין.
15 איך וועל גיין, איך וועל זיך אומקערן צו מיין אָרט,
ביז זיי וועלן זיך שפירן שולדיק; און זוכן מיין פנים;
אין זייער נויט וועלן זיי מיך פאָרשן:

ו 1 קומט און לאָמיר זיך אומקערן צו גאָט,
וואָרום ער האָט פאַרצוקט, און ער וועט אונדז היילן,
ער שלאָגט, און ער וועט אונדז פאַרבינדן.
2 נאָך צוויי טעג וועט ער אונדז אויפלעבן,
אויפן דריטן טאָג וועט ער אונדז אויפריכטן,
און מיר וועלן לעבן פאַר אים.
3 און לאָמיר דערקענען, לאָמיר זיך יאָגן צו דערקענען גאָט;
זיכער ווי דער באַגינען איז זיין אַרויסגאַנג;
און ער וועט קומען צו אונדז ווי דער רעגן,
און ווי שפעטרעגן וואָס באַוועסערט די ערד.
4 וואָס זאָל איך טאָן צו דיר, אפרים?
וואָס זאָל איך טאָן צו דיר, יהודה?
אַז אַייער גוטסקייט איז ווי אַ פרימאָרגנוואָלקן,
און ווי דער טוי וואָס פאַרגייט אין דער פרי.
5 דרום האָב איך [זיי] געהאַקט דורך די נביאים,
זיי געהרגעט מיט די ווערטער פון מיין מויל;
כּדי דיין משפט זאָל ווי דאָס ליכט אַרויס.
6 וואָרום גוטסקייט האָב איך באַגערט און ניט שלאַכטאָפּפער,
און דערקענונג פון גאָט איידער בראַנדאָפּפער.
7 אָבער זיי ווי מענטשן האָבן איבערגעטרעטן דעם בונד;
אָן האָבן זיי געפעלשט אָן מיר.
8 גִלעָד איז אַ שטאָט פון אומרעכטטוער,
אויסגעטרעטן מיט בלוט.
9 און ווי באַנדעס וואָס לויערן אויף מענטשן,
איז די חברה פון די כּהנים;
זיי טייטן אויפן וועג קיין שכֶם,
יאָ, שענדלעכקייט באַגייען זיי.
10 אין הויז פון ישראל האָב איך שוידערהאַפטיקס געזען,
אָן איז זנות ביי אפרים,
פאַראומרייניקט איז ישראל.
11 אויך אויף דיר, יהודה, האָט מען אַ שניט באַשערט.
אַז איך וויל אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון מיין פאָלק.

ז

א כְּרָפְאִי לְיִשְׂרָאֵל וְנִגְלָה עֲוֹן אֶפְרַיִם וְרָעוֹת שֹׁמְרוֹן כִּי
ב פָעֲלוּ שָׁקֶר וְגַנָּב יָבוֹא פָּשַׁט גְּדוּד בַּחוּץ׃ וּבַל־יֹאמְרוּ
לִלְבָבָם כָּל־רָעָתָם זָכָרְתִּי עַתָּה סְבָבוּם מַעַלְלֵיהֶם נֶגֶד
ג פָּנַי הָיוּ׃ בְּרָעָתָם יְשַׂמְּחוּ־מֶלֶךְ וּבְכַחֲשֵׁיהֶם שָׂרִים׃
ד כֻּלָּם מְנָאֲפִים כְּמוֹ תַנּוּר בֹּעֵרָה מֵאֹפֶה יִשְׁבּוֹת מֵעִיר
ה מִלּוּשׁ בָּצֵק עַד־חֻמְצָתוֹ׃ יוֹם מַלְכֵּנוּ הֶחֱלוּ שָׂרִים חֲמַת
ו מִיָּיִן מָשַׁךְ יָדוֹ אֶת־לֹצְצִים׃ כִּי־קֵרְבוּ כַתַּנּוּר לִבָּם בְּאָרְבָּם
כָּל־הַלַּיְלָה יָשֵׁן אֹפֵהֶם בֹּקֶר הוּא בֹעֵר כְּאֵשׁ לֶהָבָה׃
ז כֻּלָּם יֵחַמּוּ כַּתַּנּוּר וְאָכְלוּ אֶת־שֹׁפְטֵיהֶם כָּל־מַלְכֵיהֶם נָפָלוּ
ח אֵין־קֹרֵא בָהֶם אֵלָי׃ אֶפְרַיִם בָּעַמִּים הוּא יִתְבּוֹלָל אֶפְרַיִם
ט הָיָה עֻגָה בְּלִי הֲפוּכָה׃ אָכְלוּ זָרִים כֹּחוֹ וְהוּא לֹא יָדָע
י גַּם־שֵׂיבָה זָרְקָה בּוֹ וְהוּא לֹא יָדָע׃ וְעָנָה גְאוֹן־יִשְׂרָאֵל
בְּפָנָיו וְלֹא־שָׁבוּ אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם וְלֹא בִקְשֻׁהוּ בְּכָל־
יא זֹאת׃ וַיְהִי אֶפְרַיִם כְּיוֹנָה פוֹתָה אֵין לֵב מִצְרַיִם קָרָאוּ
יב אַשּׁוּר הָלָכוּ׃ כַּאֲשֶׁר יֵלֵכוּ אֶפְרוֹשׂ עֲלֵיהֶם רִשְׁתִּי כְּעוֹף
יג הַשָּׁמַיִם אוֹרִידֵם אַיְסִרֵם כְּשֵׁמַע לַעֲדָתָם׃ אוֹי לָהֶם כִּי־
נָדְדוּ מִמֶּנִּי שֹׁד לָהֶם כִּי־פָשְׁעוּ בִי וְאָנֹכִי אֶפְדֵּם וְהֵמָּה
יד דִּבְּרוּ עָלַי כְּזָבִים׃ וְלֹא־זָעֲקוּ אֵלַי בְּלִבָּם כִּי יְיֵלִילוּ עַל־
טו מִשְׁכְּבוֹתָם .עַל־דָּגָן וְתִירוֹשׁ יִתְגּוֹרָרוּ יָסוּרוּ בִי׃ וַאֲנִי
טז יִסַּרְתִּי חִזַּקְתִּי זְרוֹעֹתָם וְאֵלַי יְחַשְּׁבוּ־רָע׃ יָשׁוּבוּ לֹא עָל
הָיוּ כְּקֶשֶׁת רְמִיָּה יִפְּלוּ בַחֶרֶב שָׂרֵיהֶם מִזַּעַם לְשׁוֹנָם זוֹ
לַעְגָּם בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃

ח

א אֶל־חִכְּךָ שֹׁפָר כַּנֶּשֶׁר עַל־בֵּית יְהוָה יַעַן עָבְרוּ בְרִיתִי
ב ג וְעַל־תּוֹרָתִי פָשָׁעוּ׃ לִי יִזְעָקוּ אֱלֹהַי יְדַעֲנוּךָ יִשְׂרָאֵל׃ זָנַח
ד יִשְׂרָאֵל טוֹב אוֹיֵב יִרְדְּפוֹ׃ הֵם הִמְלִיכוּ וְלֹא מִמֶּנִּי הֵשִׂירוּ

ז, ד׳ מלעיל ז׳ קמץ מ״ק יא׳ קמץ בטרחא

ז 1 ווי איך וויל היילן ישׂראל,
אַזוי ווערט אַנטפּלעקט די זינד פון אפרים,
און די בייזן פון שומרון;
וואָרום זיי באַגייען פאַלשקייט,
און אַ גנב ברעכט אַיין,
אַ באַנדע באַפאַלט אויף דער גאַס.
2 און זאָלן זיי זיך ניט אַיינרעדן אין זייער האַרצן,
אַלדאָס בייז זייערס געדענק איך;
אַצונד האָבן זייערע מעשׂים זיי אַרומגערינגלט,
אַקעגן מיין פּנים זיינען זיי.
3 מיט זייער בייז דערפרייען זיי דעם מלך,
און מיט זייערע ליגנס די האַרן.
4 אַלע זיינען זיי נואפים,
ווי אַן אויוון אָנגעהייצט פון בעקער,
וואָס מע הערט בלויז אויף שאַרן
פון פאַרקנעטן דעם טייג ביז זיין זויער ווערן.
5 אין דעם טאָג פון אונדזער מלך,
זיינען די האַרן קראַנק פון ווייַנדערהיצונג;
ער אַליין שטרעקט אויס זיין האַנט מיט די שפּעטער.
6 וואָרום זיי האָבן צוגעברייט זייער האַרץ
ווי אַן אויוון אין זייער לויער;
אַ גאַנצע נאַכט שלאָפט זייער בעקער,
פרימאָרגנס ברענט ער אַזוי ווי פלאַמפייער.
7 זיי אַלע גליען ווי אַן אויוון,
און זיי פאַרצערן זייערע ריכטער;
אַלע זייערע מלכים זיינען געפאַלן,
קיינער צווישן זיי רופט ניט צו מיר.

8 אפרים, ער מישט זיך מיט די פעלקער,
אפרים איז געוואָרן אַ ניט איבערגעקערטער קוכן.
9 פרעמדע האָבן אויפגעגעסן זיין כּוח,
און ער מערקט ניט;
שוין גראָע האָר דורכגעשפּריצט ביי אים,
און ער מערקט ניט.
10 און דער שטאָלץ פון ישׂראל איז געבויגן פאַר זיין
פּנים,
אָבער זיי קערן זיך ניט אום צו יהוה זייער גאָט,
און זיי זוכן אים ניט ביי אַלעם דעם.
11 און אפרים איז געוואָרן ווי אַ נאַרישע טויב, אָן שׂכל,
מִצרַיִם האָבן זיי גערופן,
קיין אַשור זיינען זיי געגאַנגען.
12 ווי זיי וועלן גיין, וועל איך אויסשפּרייטן אויף זיי מיין נעץ,
ווי פויגלען פון הימל וועל איך זיי אַראָפּנידערן;
איך וועל זיי שטראָפן ווי איך האָב געלאָזט הערן זייער
עדה.
13 וויי צו זיי, וואָס זיי זיינען אַוועק פון מיר!
פאַרוויסטונג אויף זיי, וואָס זיי האָבן געבראָכן אָן מיר!
און איך זאָל זיי אויסלייזן,
ווען זיי האָבן גערעדט ליגנס אויף מיר?
14 און זיי שרייען ניט צו מיר מיט זייער האַרצן,
אַז זיי יאָמערן אויף זייערע געלעגערס;
וועגן תּבואה און וויין רודלען זיי זיך,
אָן מיר ווידערשפּעניקן זיי.
15 און איך האָב געלערנט,
געשטאַרקט זייערע אָרעמס,
אָבער זיי טראַכטן שלעכטס אויף מיר.
16 זיי קערן זיך, אָבער ניט צו דער הייך,
ווי אַ פאַלשער בויגן זיינען זיי געוואָרן.
וועלן פאַלן דורכן שווערד זייערע האַרן
פאַר דעם צאָרן פון זייער צונג;
דאָס וועט זיין אַ שפּאָט פון זיי אין לאַנד מִצרַיִם.

ח 1 צו דיין גומען אַ שופר!
ווי אַן אָדלער קומט אויף גאָטס הויז;
ווייל זיי האָבן איבערגעטרעטן מיין בונד,
און קעגן מיין תּורה פאַרבראָכן.
2 קען ישׂראל דען שרייען צו מיר:
מיין גאָט, מיר קענען דיך?
3 ישׂראל האָט פאַרלאָזט דאָס גוטס,
זאָל אים דער פיינט נאָכיאָגן.
4 זיי האָבן געמאַכט מלכים, אָבער אָן מיר,
געמאַכט האַרן, און איך האָב ניט געוווּסט;

וְלֹא יָדָעְתִּי כַּסְפָּם וּזְהָבָם עָשׂוּ לָהֶם עֲצַבִּים לְמַעַן יִכָּרֵת׃
זָנַח עֶגְלֵךְ שֹׁמְרוֹן חָרָה אַפִּי בָּם עַד־מָתַי לֹא יוּכְלוּ נִקָּיֹן׃ ה
כִּי מִיִּשְׂרָאֵל וְהוּא חָרָשׁ עָשָׂהוּ וְלֹא אֱלֹהִים הוּא כִּי־ ו
שְׁבָבִים יִהְיֶה עֵגֶל שֹׁמְרוֹן׃ כִּי רוּחַ יִזְרָעוּ וְסוּפָתָה יִקְצֹרוּ ז
קָמָה אֵין־לוֹ צֶמַח בְּלִי יַעֲשֶׂה־קֶּמַח אוּלַי יַעֲשֶׂה זָרִים
יִבְלָעֻהוּ׃ נִבְלַע יִשְׂרָאֵל עַתָּה הָיוּ בַגּוֹיִם כִּכְלִי אֵין־חֵפֶץ ח
בּוֹ׃ כִּי־הֵמָּה עָלוּ אַשּׁוּר פֶּרֶא בּוֹדֵד לוֹ אֶפְרַיִם הִתְנוּ ט
אֲהָבִים׃ גַּם כִּי־יִתְנוּ בַגּוֹיִם עַתָּה אֲקַבְּצֵם וַיָּחֵלּוּ מְּעָט י
מִמַּשָּׂא מֶלֶךְ שָׂרִים׃ כִּי־הִרְבָּה אֶפְרַיִם מִזְבְּחוֹת לַחֲטֹא יא
הָיוּ־לוֹ מִזְבְּחוֹת לַחֲטֹא׃ אֶכְתּוֹב־לוֹ רֻבּוֹ תּוֹרָתִי כְּמוֹ־זָר יב
נֶחְשָׁבוּ׃ זִבְחֵי הַבְהָבַי יִזְבְּחוּ בָשָׂר וַיֹּאכֵלוּ יְהוָה לֹא רָצָם יג
עַתָּה יִזְכֹּר עֲוֺנָם וְיִפְקֹד חַטֹּאתָם הֵמָּה מִצְרַיִם יָשׁוּבוּ׃
וַיִּשְׁכַּח יִשְׂרָאֵל אֶת־עֹשֵׂהוּ וַיִּבֶן הֵיכָלוֹת וִיהוּדָה הִרְבָּה יד
עָרִים בְּצֻרוֹת וְשִׁלַּחְתִּי־אֵשׁ בְּעָרָיו וְאָכְלָה אַרְמְנֹתֶיהָ׃

## ט

אַל־תִּשְׂמַח יִשְׂרָאֵל ׀ אֶל־גִּיל כָּעַמִּים כִּי זָנִיתָ מֵעַל אֱלֹהֶיךָ א
אָהַבְתָּ אֶתְנָן עַל כָּל־גָּרְנוֹת דָּגָן׃ גֹּרֶן וָיֶקֶב לֹא יִרְעֵם ב
וְתִירוֹשׁ יְכַחֶשׁ בָּהּ׃ לֹא יֵשְׁבוּ בְּאֶרֶץ יְהוָה וְשָׁב אֶפְרַיִם ג
מִצְרַיִם וּבְאַשּׁוּר טָמֵא יֹאכֵלוּ׃ לֹא־יִסְּכוּ לַיהוָה ׀ יַיִן וְלֹא ד
יֶעֶרְבוּ־לוֹ זִבְחֵיהֶם כְּלֶחֶם אוֹנִים לָהֶם כָּל־אֹכְלָיו יִטַּמָּאוּ
כִּי־לַחְמָם לְנַפְשָׁם לֹא יָבוֹא בֵּית יְהוָה׃ מַה־תַּעֲשׂוּ לְיוֹם ה
מוֹעֵד וּלְיוֹם חַג־יְהוָה׃ כִּי־הִנֵּה הָלְכוּ מִשֹּׁד מִצְרַיִם ו
תְּקַבְּצֵם מֹף תְּקַבְּרֵם מַחְמַד לְכַסְפָּם קִמּוֹשׁ יִירָשֵׁם חוֹחַ
בְּאָהֳלֵיהֶם׃ בָּאוּ ׀ יְמֵי הַפְּקֻדָּה בָּאוּ יְמֵי הַשִּׁלֻּם יֵדְעוּ ז
יִשְׂרָאֵל אֱוִיל הַנָּבִיא מְשֻׁגָּע אִישׁ הָרוּחַ עַל רֹב עֲוֺנְךָ וְרַבָּה
מַשְׂטֵמָה׃ צֹפֶה אֶפְרַיִם עִם־אֱלֹהָי נָבִיא פַּח יָקוֹשׁ עַל־ ח
כָּל־דְּרָכָיו מַשְׂטֵמָה בְּבֵית אֱלֹהָיו׃ הֶעְמִיקוּ שִׁחֵתוּ כִּימֵי ט

ח, ז׳ קמץ בלא אסף   י׳ קמץ בזיק   יב׳ יתיר ו   ובי קרי ט, ב׳ ספירון בס
ו׳ ס״א בסין

פון זייער זילבער און זייער גאָלד
האָבן זיי זיך געצנבילדער געמאַכט;
דרום וועט ער פאַרשניטן ווערן.
5 פאַרלאָזן ווערט דיין קאַלב, שומרון;
מיין צאָרן טוט גרימען אויף זיי;
ביז וואַנען גאָך וועלן זיי ניט קענען זיך רייניקן?
6 וואָרום עס קומט פון ישׂראל,
און דאָס האָט אַ מייסטער געמאַכט,
און קיין גאָט איז דאָס ניט;
פאַרוואָר, שפּענדלעך וועט ווערן דאָס קאַלב פון שומרון.
7 וואָרום ווינט זייען זיי,
און שטורעם וועלן זיי שניידן;
קיין זאַנג האָט עס ניט—
אַ שפּראָצונג וואָס ברענגט ניט קיין מעלא[א];
טאָמער וועט עס ברענגען, וועלן עס פרעמדע אײַנ־
שלינגען.

8 אײַנגעשלונגען געוואָרן איז ישׂראל,
אַצונד זיינען זיי געוואָרן צווישן די פעלקער,
ווי אַ נישטווערטיקע כּלי.
9 וואָרום זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען צו אַשור,
אַ ווילדאייזל באַזונדער פאַר זיך;
אפרים האָט ליבשאַפט געדונגען.
10 אָבער הגם זיי דינגען צווישן די פעלקער,
וועל איך אַצונדערט זיי אײַנזאַמלען;
און זיי וועלן אָנהייבן מינער ווערן
פון דער משׂא פון מלך און האַרן.
11 וואָרום אפרים האָט געמערט מזבּחות צום זינדיקן,
ביי אים זיינען מזבּחות צום זינדיקן געווען.
12 וויפיל פון מיין תּורה איך זאָל אים שרייבן,
איז דאָס ביי אים ווי פרעמד פאַררעכנט.
13 מיינע בראַנדאָפּפער זאָלן זיי שלאַכטן פאַר פלייש
און עסן,
גאָט טוט זיי ניט באַוויליקן.
אַצונד וועט ער געדענקען זייער פאַרברעך,
און וועט דערמאָנען זייערע זינד;
קיין מִצרַיִם וועלן זיי זיך אומקערן.
14 וואָרום ישׂראל האָט פאַרגעסן אָן זיין באַשעפער,
און האָט פּאַלייען געבויט,
און יהודה האָט געמערט באַפעסטיקטע שטעט:
דרום וועל איך שיקן אַ פייער אין זיינע שטעט,
און עס וועט פאַרצערן אירע פּאַלאַצן.

ט
1 ניט פרייען זאָלסטו זיך, ישׂראל,
מיט שׂמחה אַזוי ווי די פעלקער,
וואָרום האָסט זיך אָפּגעקערט פון דיין גאָט,
האָסט ליב געהאַט זונה־לוין אויף אַלע תּבואה־שייערן.
2 דער שייער און דער קעלטער וועט זיי ניט שפּייזן,
און דער פרישער וויין וועט פעלשן אָן זיי.
3 זיי וועלן ניט זיצן אין לאַנד פון גאָט,
און אפרים וועט זיך קיין מִצרַיִם אומקערן,
און אין אַשור וועלן זיי אומריינס עסן.
4 זיי וועלן ניט גיסן צו גאָט וויין,
און ניט אָנגעלייגט וועלן אים זיין זייערע שלאַכטאָפּפער,
אַזוי ווי ברויט פון אַבֵלות וועט עס זיי זיין,
אַלע וואָס עסן עס וועלן זיך פאַראומרייניקן;
וואָרום זייער ברויט וועט זיין פאַר זייער לייב,
עס וועט ניט קומען אין הויז פון גאָט.
5 וואָס וועט איר טאָן אין אַ יום־טוב,
און אין אַ פייערטאָג פון גאָט?

[א] ווערטשפּיל: צֶמַח בְּלִי יַעֲשֶׂה־קֶּמַח.

6 וואָרום זע, זיי זיינען אַוועק פון דעם בראָך,
וועט מִצרַיִם זיי אײַנזאַמלען,
מוֹף וועט זיי באַגראָבן;
די שאַצן פון זייער זילבער, זיי וועט שטעכגעוועקס ירשען,
דערנער וועלן זיין אין זייערע געצעלטן.
7 געקומען זיינען די טעג פון רעכנשאַפט,
געקומען די טעג פון באַצאָלונג;
געוואָר ווערן וועט ישׂראל.

„אַ נאַר איז דער נביא,
משוגע איז דער מאַן פון גייסט!"
פון וועגן דיין גרויס זינד,
און וויילע גרויס איז די פיינטשאַפט.
8 אַ לויערער איז אפרים אַקעגן מיין גאָט,
דעם נביא שטעלט ער אַ פּאַסטקע אויף אַלע זיינע וועגן,
פיינטשאַפט אין הויז פון זיין גאָט.
9 טיף פאַרדאָרבן זיינען זיי,

י הַגִּבְעָה יִזְכּוֹר עֲוֹנָם יִפְקוֹד חַטֹּאותָם׃ כַּעֲנָבִים בַּמִּדְבָּר
מָצָאתִי יִשְׂרָאֵל כְּבִכּוּרָה בִתְאֵנָה בְּרֵאשִׁיתָהּ רָאִיתִי
אֲבוֹתֵיכֶם הֵמָּה בָּאוּ בַעַל־פְּעוֹר וַיִּנָּזְרוּ לַבֹּשֶׁת וַיִּהְיוּ
יא שִׁקּוּצִים כְּאָהֳבָם׃ אֶפְרַיִם כָּעוֹף יִתְעוֹפֵף כְּבוֹדָם מִלֵּדָה
יב וּמִבֶּטֶן וּמֵהֵרָיוֹן׃ כִּי אִם־יְגַדְּלוּ אֶת־בְּנֵיהֶם וְשִׁכַּלְתִּים
יג מֵאָדָם כִּי־גַם־אוֹי לָהֶם בְּשׂוּרִי מֵהֶם׃ אֶפְרַיִם כַּאֲשֶׁר־
רָאִיתִי לְצוֹר שְׁתוּלָה בְנָוֶה וְאֶפְרַיִם לְהוֹצִיא אֶל־הֹרֵג
יד בָּנָיו׃ תֵּן־לָהֶם יְהוָה מַה־תִּתֵּן תֵּן־לָהֶם רֶחֶם מַשְׁכִּיל
טו וְשָׁדַיִם צֹמְקִים׃ כָּל־רָעָתָם בַּגִּלְגָּל כִּי־שָׁם שְׂנֵאתִים עַל
רֹעַ מַעַלְלֵיהֶם מִבֵּיתִי אֲגָרְשֵׁם לֹא אוֹסֵף אַהֲבָתָם כָּל־
טז שָׂרֵיהֶם סֹרְרִים׃ הֻכָּה אֶפְרַיִם שָׁרְשָׁם יָבֵשׁ פְּרִי בַלי־
יז יַעֲשׂוּן גַּם כִּי יֵלֵדוּן וְהֵמַתִּי מַחֲמַדֵּי בִטְנָם׃ יִמְאָסֵם אֱלֹהַי
כִּי לֹא שָׁמְעוּ לוֹ וְיִהְיוּ נֹדְדִים בַּגּוֹיִם׃

י

א גֶּפֶן בּוֹקֵק יִשְׂרָאֵל פְּרִי יְשַׁוֶּה־לּוֹ כְּרֹב לְפִרְיוֹ הִרְבָּה
ב לַמִּזְבְּחוֹת כְּטוֹב לְאַרְצוֹ הֵיטִיבוּ מַצֵּבוֹת׃ חָלַק לִבָּם עַתָּה
ג יֶאְשָׁמוּ הוּא יַעֲרֹף מִזְבְּחוֹתָם יְשֹׁדֵד מַצֵּבוֹתָם׃ כִּי עַתָּה
יֹאמְרוּ אֵין מֶלֶךְ לָנוּ כִּי לֹא יָרֵאנוּ אֶת־יְהוָה וְהַמֶּלֶךְ מַה־
ד יַּעֲשֶׂה־לָּנוּ׃ דִּבְּרוּ דְבָרִים אָלוֹת שָׁוְא כָּרֹת בְּרִית וּפָרַח
ה כָּרֹאשׁ מִשְׁפָּט עַל תַּלְמֵי שָׂדָי׃ לְעֶגְלוֹת בֵּית אָוֶן יָגוּרוּ
שְׁכַן שֹׁמְרוֹן כִּי־אָבַל עָלָיו עַמּוֹ וּכְמָרָיו עָלָיו יָגִילוּ עַל־
ו כְּבוֹדוֹ כִּי־גָלָה מִמֶּנּוּ׃ גַּם־אוֹתוֹ לְאַשּׁוּר יוּבָל מִנְחָה לְמֶלֶךְ
ז יָרֵב בָּשְׁנָה אֶפְרַיִם יִקָּח וְיֵבוֹשׁ יִשְׂרָאֵל מֵעֲצָתוֹ׃ נִדְמֶה
ח שֹׁמְרוֹן מַלְכָּהּ כְּקֶצֶף עַל־פְּנֵי־מָיִם׃ וְנִשְׁמְדוּ בָּמוֹת אָוֶן
חַטַּאת יִשְׂרָאֵל קוֹץ וְדַרְדַּר יַעֲלֶה עַל־מִזְבְּחוֹתָם וְאָמְרוּ
ט לֶהָרִים כַּסּוּנוּ וְלַגְּבָעוֹת נִפְלוּ עָלֵינוּ׃ מִימֵי הַגִּבְעָה
חָטָאתָ יִשְׂרָאֵל שָׁם עָמָדוּ לֹא־תַשִּׂיגֵם בַּגִּבְעָה מִלְחָמָה

ט, טז׳ בל קרי י, ו׳ קמץ בז״ק ט׳ נ״א חָטָאת קמץ בז״ק

אַזוי ווי אין די טעג פון גִבְעָה[א];
ער וועט געדענקען זייער פאַרברעך,
ער וועט דערמאָנען זייערע זינד.

10 ווי ווייַנטרויבן אין מדבר
האָב איך געפונען ישׂראל,
ווי אַן ערשטפרוכט פון פייגנבוים אין זיין אָנהייב
האָב איך געזען אַייערע עלטערן;
זיינען זיי געקומען קיין בַּעַל־פְּעוֹר,
און זיך אָפּגעשיידט צום שאַנדגעץ,
און געוואָרן אומווערדיק
ווי דאָס וואָס זיי האָבן ליב געקראָגן.
11 אפרים — ווי אַ פויגל וועט זייער כּבוד אַוועקפליען,
אויס געבורט, און אויס מוטערלייב, און אויס טראָג־
שאַפט!
12 אַפילו אַז זיי וועלן אויפברענגען זייערע קינדער,
וועל איך זיי באַרויבן פון זיי,
אַז קיין מענטש זאָל ניט בלייבן;
יאָ, וויי אויך צו זיי ווען איך טו זיך אָפּ פון זיי!
13 אפרים, ווי איך האָב צוֹר געזען,
איז געפלאַנצט אין אַ שיינעם אָרט,
אָבער אפרים וועט אַרויספירן
זיינע קינדער צום טייטער
14 גיב זיי, גאָט, וואָס דו דאַרפסט זיי געבן!
גיב זיי אַ טראַכט וואָס פאַרוואַרפט,
און בריסט פאַרדאַרטע!
15 אַלדאָס בייז זייערס איז אין גִלגָל,
יאָ, דאָרט האָב איך זיי פיינט געקראָגן;
פאַר די בייזע מעשׂים זייערע
וועל איך זיי פון מיין הויז אַרויסטרייבן;
איך וועל זיי מער ניט ליב האָבן;
אַלע זייערע האַרן זיינען אָפּקערער[ב].
16 געשלאָגן געוואָרן איז אפרים,
זייער וואָרצל איז פאַרטריקנט,
קיין פרוכט וועלן זיי ניט ברענגען;
אַפילו אַז זיי וועלן געבערן,
וועל איך טייטן די גלוסטיקע פון זייער לייב.
17 פאַראַכטן וועט זיי מיין גאָט,
ווייל זיי האָבן ניט צוגעהערט צו אים,
און זיי וועלן אומוואָגלען צווישן די פעלקער.

י 1 אַ געראָטענער ווייַנשטאָק איז ישׂראל געווען,
זיין פרוכט פלעגט אַ ווערדע האָבן;
איז, וואָס מערער זיין פרוכט,
האָט ער מזבּחות געמערט,
וואָס שענער זיין לאַנד,
האָבן זיי שענערע זיילשטיינער געמאַכט.
2 זייער האַרץ איז צעטיילט;
אַצונד וועלן זיי זייער שולד ליידן;
ער וועט צעברעכן זייערע מזבּחות,
ער וועט פאַרוויסטן זייערע זיילשטיינער.
3 פאַרוואָר, אַצונד וועלן זיי זאָגן:
גיטאָ קיין מלך ביי אונדז,
ווייל מיר האָבן ניט מורא געהאַט פאַר גאָט;
און דער מלך, וואָס קען טאָן פאַר אונדז?
4 זיי רעדן גערייִדן,
שווערן פאַלש, שליסן אַ בונד,
אָבער דער משפּט וועט שפּראָצן ווי ביטערקרויט
אויף די בייטן פון פעלד.
5 אום די קעלבער פון בֵית־אָוֶן
וועלן אַנגסטן די וויינער פון שומרון;
וואָרום זיין פאָלק טוט אויף אים[ג] טרויערן,
און זיינע פריסטער וועלן ציטערן[ד] וועגן אים,
וועגן זיין כּבוד וואָס איז אַוועק פון אים.
6 אים אויך וועט מען קיין אַשור אַוועקפירן,
אַ מתּנה צום מלך „שטרייטער";
שאַנד וועט קריגן אפרים,
און ישׂראל וועט זיך שעמען מיט זיין באַראָט.
7 פאַרשניטן ווערט דער מלך פון שומרון,
אַזוי ווי שוים אויפן וואַסער.
8 און פאַרטיליקט ווערן וועלן די בָּמוֹת פון אָוֶן,
די זינד פון ישׂראל;
דערנער און ווילדגעוועקס וועלן אויפגיין אויף
זייערע מזבּחות
און זיי וועלן זאָגן צו די בערג: דעקט אונדז צו!
און צו די הייכן: פאַלט אויף אונדז אַרויף!
9 מער ווי אין די טעג פון גִבְעָה[ה]
האָסטו געזינדיקט, ישׂראל;
דאָרט האָט מען זיך אַקעגנגעשטעלט;
פאַר זיי אָבער וועט ניט קלעקן

[א] זע שופטים יט–כ. [ב] וואָרטשפּיל: שָׂרֵיהֶם סוֹרְרִים. [ג] אויף דעם קאַלבאָפּגאָט. [ד] וואָרטשפּיל: יָגִילוּ–גָלָה. [ה] זע שופטים יט–כ.

עַל־בְּנֵי עַלְוָה׃ בְּאַוָּתִי וְאֶסֳּרֵם וְאֻסְּפוּ עֲלֵיהֶם עַמִּים בְּאָסְרָם י
לִשְׁתֵּי עֵינֹתָם׃ וְאֶפְרַיִם עֶגְלָה מְלֻמָּדָה אֹהַבְתִּי לָדוּשׁ וַאֲנִי יא
עָבַרְתִּי עַל־טוּב צַוָּארָהּ אַרְכִּיב אֶפְרַיִם יַחֲרוֹשׁ יְהוּדָה
יְשַׂדֶּד־לוֹ יַעֲקֹב׃ זִרְעוּ לָכֶם לִצְדָקָה קִצְרוּ לְפִי־חֶסֶד נִירוּ יב
לָכֶם נִיר וְעֵת לִדְרוֹשׁ אֶת־יְהוָה עַד־יָבוֹא וְיֹרֶה צֶדֶק לָכֶם׃
חֲרַשְׁתֶּם־רֶשַׁע עַוְלָתָה קְצַרְתֶּם אֲכַלְתֶּם פְּרִי־כָחַשׁ כִּי יג
בָטַחְתָּ בְדַרְכְּךָ בְּרֹב גִּבּוֹרֶיךָ׃ וְקָאם שָׁאוֹן בְּעַמֶּךָ וְכָל־ יד
מִבְצָרֶיךָ יוּשַּׁד כְּשֹׁד שַׁלְמַן בֵּית אַרְבֵאל בְּיוֹם מִלְחָמָה
אֵם עַל־בָּנִים רֻטָּשָׁה׃ כָּכָה עָשָׂה לָכֶם בֵּית־אֵל מִפְּנֵי רָעַת טו
רָעַתְכֶם בַּשַּׁחַר נִדְמֹה נִדְמָה מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל׃

## יא

כִּי נַעַר יִשְׂרָאֵל וָאֹהֲבֵהוּ וּמִמִּצְרַיִם קָרָאתִי לִבְנִי׃ קָרְאוּ א ב
לָהֶם כֵּן הָלְכוּ מִפְּנֵיהֶם לַבְּעָלִים יְזַבֵּחוּ וְלַפְּסִלִים יְקַטֵּרוּן׃
וְאָנֹכִי תִרְגַּלְתִּי לְאֶפְרַיִם קָחָם עַל־זְרוֹעֹתָיו וְלֹא יָדְעוּ כִּי ג
רְפָאתִים׃ בְּחַבְלֵי אָדָם אֶמְשְׁכֵם בַּעֲבֹתוֹת אַהֲבָה וָאֶהְיֶה ד
לָהֶם כִּמְרִימֵי עֹל עַל לְחֵיהֶם וְאַט אֵלָיו אוֹכִיל׃ לֹא יָשׁוּב ה
אֶל־אֶרֶץ מִצְרַיִם וְאַשּׁוּר הוּא מַלְכּוֹ כִּי מֵאֲנוּ לָשׁוּב׃ וְחָלָה ו
חֶרֶב בְּעָרָיו וְכִלְּתָה בַדָּיו וְאָכָלָה מִמֹּעֲצוֹתֵיהֶם׃ וְעַמִּי ז
תְלוּאִים לִמְשׁוּבָתִי וְאֶל־עַל יִקְרָאֻהוּ יַחַד לֹא יְרוֹמֵם׃ אֵיךְ ח
אֶתֶּנְךָ אֶפְרַיִם אֲמַגֶּנְךָ יִשְׂרָאֵל אֵיךְ אֶתֶּנְךָ כְאַדְמָה אֲשִׂימְךָ
כִּצְבֹאיִם נֶהְפַּךְ עָלַי לִבִּי יַחַד נִכְמְרוּ נִחוּמָי׃ לֹא אֶעֱשֶׂה ט
חֲרוֹן אַפִּי לֹא אָשׁוּב לְשַׁחֵת אֶפְרָיִם כִּי אֵל אָנֹכִי וְלֹא־
אִישׁ בְּקִרְבְּךָ קָדוֹשׁ וְלֹא אָבוֹא בְּעִיר׃ אַחֲרֵי יְהוָה יֵלְכוּ י
כְּאַרְיֵה יִשְׁאָג כִּי־הוּא יִשְׁאַג וְיֶחֶרְדוּ בָנִים מִיָּם׃ יֶחֶרְדוּ יא
כְצִפּוֹר מִמִּצְרַיִם וּכְיוֹנָה מֵאֶרֶץ אַשּׁוּר וְהוֹשַׁבְתִּים עַל־
בָּתֵּיהֶם נְאֻם־יְהוָה׃

---

י, י׳ עינתם קרי    יד׳ קמץ בז״ק ושורק עם הדגש
יא, ג׳ כלו קמץ    ו׳ כצ״ל    ז׳ הפטרת ויצא לספרדים    ח׳ א׳ נחה

אַ מלחמה ווי אין גִבעָה אַקעגן די פאַרבּרעכער.
[10] ווען איך טו באַגערן, וועל איך זיי שטראָפן,
און פעלקער וועלן זיך אײַנזאַמלען קעגן זיי,
ווען מע שפּאַנט זיי אין זייערע צוויי יאָכרינגען.
[11] און אפרים איז אַ קאַלבּ אַ געניטס,
צו דרעשן האָט עס ליבּ;
אָבּער איך בּין אַריבּערגעגאַנגען
איבּער איר פעטן האַלדז:
איך וועל אײַנשפּאַנען אפרים,
אַקערן זאָל יהודה,
בּראָנעווען זאָל יעקב.

[12] זײַט אײַך פאַר גערעכטיקייט,
וועט איר שנײַדן לויט גענאָד;
אַקערט אײַך אַן אַקער,
וואָרום עס איז צייט צו זוכן גאָט,
בּיז ער וועט קומען און רעגענען אויף אײַך גערעכטיקייט.
[13] איר האָט געאַקערט שלעכטס,
האָט איר אומרעכט געשניטן,
האָט איר געגעסן די פרוכט פון ליגן;
וואָרום האָסט זיך פאַרזיכערט אויף דײַן וועג,
אויף די פיל גיבּורים דײַנע.
[14] דרום וועט אויפשטיין אַ חורבּן אויף דײַנע מחנות,
און אַלע דײַנע פעסטונגען וועלן פאַרוויסט ווערן,
ווי שַלמַן האָט פאַרוויסט בֵּית־אַרבֵאל, אין טאָג פון מלחמה—
מוטערס מיט קינדער זײַנען צעהאַקט געוואָרן.
[15] אַזוי האָט געטאָן צו אײַך בֵּית־אֵל,
פון וועגן אײַער בּייזער שלעכטיקייט;
אין אַ פרימאָרגן פאַרשניטן ווערט פאַרשניטן
דער מלך פון ישׂראל.

## יא

[1] אַז ישׂראל איז יונג געווען האָבּ איך אים ליבּ געהאַט,
און פון מִצרַיִם האָבּ איך גערופן מײַן זון.
[2] ווי זייא האָבּן גערופן צו זיי,
אַזוי זײַנען זיי אַוועק פון זיי;
צו די בַּעַל־געטער האָבּן זיי געשלאַכט,
און צו די געצן האָבּן זיי געריי֯כערט.
[3] און איך האָבּ געלערנט גיין אפרים,
זיי פאַר זייערע אָרעמס גענומען,
און זיי האָבּן ניט געמערקט אַז איך האָבּ זיי פאַרהיט.
[4] מיט מענטשלעכע שטריק האָבּ איך זיי צוגעצויגן,
מיט שנורן פון ליבּשאַפט,
און איך בּין זיי געווען
ווי די אַראָפּנעמער פון דעם יאָך אויף זייערע קינבּאַקן:
און עסן פלעג איך אים דערלאַנגען.
[5] ער וועט זיך ניט אומקערן קיין לאַנד מִצרַיִם,
אָבּער אַשור, ער וועט זײַן מלך זײַן,
ווײַל זיי האָבּן ניט געוואָלט צוריקקערן.
[6] און אַ שווערד וועט פאַלן אין זײַנע שטעט,
און וועט פאַרלענדן זײַנע ריגלען און פאַרצערן,
פון וועגן זייערע בּאַראָטונגען.

[7] און מײַן פאָלק קווענקלט זיך אומצוקערן צו מיר,
און מע רופט אים צו דער הייך,
אָבּער ער טוט זיך ניט דערהייבּן.

[8] ווי קען איך דיך איבּערגעבּן, אפרים?
דיך איבּערענטפערן, ישׂראל?
ווי קען איך דיך מאַכן ווי אַדמָה?
דיך לאָזן ווערן ווי צבֹאים?
מײַן האַרץ קערט זיך אום אין מיר,
מײַן גאַנצע רחמנות צינדט זיך אָן.
[9] איך וועל ניט אויספירן מײַן גרימצאָרן,
איך וועל מער ניט אומבּרענגען אפרים;
וואָרום גאָט בּין איך און ניט אַ מענטש—
דער הייליקער צווישן דיר—
און איך וועל ניט קומען מיט צאָרן.
[10] נאָך יהוה וועלן זיי גיין—
אַזוי ווי אַ לייבּ וועט ער בּרילן;
יאָ, ער וועט בּרילן,
און די קינדער וועלן אײַלן פון מערב.
[11] זיי וועלן אײַלן ווי אַ פויגל, פון מִצרַיִם,
און ווי אַ טויבּ, פון לאַנד אַשור,
און איך וועל זיי בּאַזעצן אין זייערע הייזער,
זאָגט גאָט.

א די נביאים.

# יב

1 אַרומגערינגלט מיט ליגן האָט מיך אפרים,
און מיט באַטרוג דאָס הויז פון ישׂראל;
און יהודה איז נאָך אַלץ פריגעלאָזט מיט גאָט,
און מיט דעם הייליקן געטרייען.
2 אפרים לויפט נאָך ווינט, און יאָגט זיך נאָך מזרח־
ווינט,
אַ גאַנצן טאָג מערט ער ליגן און רויב;
און אַ בונד מיט אַשור שליסן זיי,
און אייל ווערט קיין מִצרַיִם געפירט.
3 אָבער גאָט האָט אַ קריג מיט יהודה,
און וועט זיך רעכענען מיט יעקב לויט זיינע וועגן,
לויט זיינע מעשׂים וועט ער אים אומקערן.
4 אין מוטערלייב האָט ער ביים טריט געכאַפּט זיין
ברודער,
און מיט זיין כּוח האָט ער געשטריטן מיט אַ גאָט;
5 יאָ, ער האָט געשטריטן קעגן אַ מלאך און איז ביי־
געקומען[א];
ער האָט געוויינט און זיך געבעטן ביי אים:
אין בֵּית־אֵל וועט ער אים טרעפן,
און דאָרטן וועט ער רעדן מיט אים.
6 און יהוה איז דער גאָט פון צבָאוֹת,
יהוה איז זיין געדעכעניש.
7 דרום זאָלסט דו צו דיין גאָט זיך אומקערן;
פרומקייט און גערעכטיקייט היט אָפּ,
און האָף צו דיין גאָט תּמיד.

8 כּנַעַן[ב] האָט פאַלשע וואָגשאָלן אין זיין האַנט,
צו באַרויבן האָט ער ליב.
9 און אפרים זאָגט: פאַרוואָר, איך בין רייך,
איך האָב מיר דערגרייכט אַ פאַרמעג;
אין אַל מיין מי וועט מען ביי מיר ניט געפינען
אַן אומרעכט וואָס איז אַ זינד.
10 אָבער איך בין יהוה דיין גאָט
פון לאַנד מִצרַיִם אָן,
איך וועל דיך ווידער מאַכן וווינען אין געצעלטן,
ווי אין די טעג פון יענער צייט.
11 און איך האָב גערעדט צו די נביאים,
און איך האָב זעאונגען געמערט,
און דורך די נביאים פלעג איך משלים געבן.
12 אַז גִלעָד איז נישטיקייט,
לויטער פאַלשקייט זיינען זיי געוואָרן!
אין גִלגָל האָבן זיי אָקסן געשלאַכט;
יאָ, זייערע מזבחות זיינען ווי הויפנס
אויף די בייטן פון פעלד.
13 און יעקב איז אַנטלאָפן אין פעלד פון אֲרָם,
און ישׂראל האָט געדינט אום אַ ווייב,
און אום אַ ווייב האָט ער [שאָף] געהיט.
14 און דורך אַ נביא האָט גאָט אויפגעבראַכט ישׂראל
פון מִצרַיִם,
און דורך אַ נביא איז ער אָפּגעהיט געוואָרן.
15 ביטער דערצערנט האָט אפרים,
דרום וועט ער אויסלאָזן זיין בלוט אויף אים,
און זיין לעסטערונג וועט אים אומקערן זיין האַר.

[א] זע בראשית לב, 25–31.

[ב] אַ פאַראַכטיקער צונאָמען פון ישׂראל. (פאַרגלייך יחזקאל טז, 3) כּנען מיינט אויך אַ האַנדלסמאַן (ישעיה כג, 8).

יב

א סְבָבֻנִי בְכַחַשׁ אֶפְרַיִם וּבְמִרְמָה בֵּית יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה עֹד
ב רָד עִם־אֵל וְעִם־קְדוֹשִׁים נֶאֱמָן׃ אֶפְרַיִם רֹעֶה רוּחַ וְרֹדֵף
קָדִים כָּל־הַיּוֹם כָּזָב וָשֹׁד יַרְבֶּה וּבְרִית עִם־אַשּׁוּר יִכְרֹתוּ
ג וְשֶׁמֶן לְמִצְרַיִם יוּבָל׃ וְרִיב לַיהוָה עִם־יְהוּדָה וְלִפְקֹד עַל־
ד יַעֲקֹב כִּדְרָכָיו כְּמַעֲלָלָיו יָשִׁיב לוֹ׃ בַּבֶּטֶן עָקַב אֶת־אָחִיו
ה וּבְאוֹנוֹ שָׂרָה אֶת־אֱלֹהִים׃ וַיָּשַׂר אֶל־מַלְאָךְ וַיֻּכָל בָּכָה
ו וַיִּתְחַנֶּן־לוֹ בֵּית־אֵל יִמְצָאֶנּוּ וְשָׁם יְדַבֵּר עִמָּנוּ׃ וַיהוָה
ז אֱלֹהֵי הַצְּבָאוֹת יְהוָה זִכְרוֹ׃ וְאַתָּה בֵּאלֹהֶיךָ תָשׁוּב חֶסֶד
ח וּמִשְׁפָּט שְׁמֹר וְקַוֵּה אֶל־אֱלֹהֶיךָ תָּמִיד׃ כְּנַעַן בְּיָדוֹ מֹאזְנֵי
ט מִרְמָה לַעֲשֹׁק אָהֵב׃ וַיֹּאמֶר אֶפְרַיִם אַךְ עָשַׁרְתִּי מָצָאתִי
י אוֹן לִי כָּל־יְגִיעַי לֹא יִמְצְאוּ־לִי עָוֺן אֲשֶׁר־חֵטְא׃ וְאָנֹכִי
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם עֹד אוֹשִׁיבְךָ בָאֳהָלִים כִּימֵי
יא מוֹעֵד׃ וְדִבַּרְתִּי עַל־הַנְּבִיאִים וְאָנֹכִי חָזוֹן הִרְבֵּיתִי וּבְיַד
יב הַנְּבִיאִים אֲדַמֶּה׃ אִם־גִּלְעָד אָוֶן אַךְ־שָׁוְא הָיוּ בַּגִּלְגָּל
יג שְׁוָרִים זִבֵּחוּ גַּם מִזְבְּחוֹתָם כְּגַלִּים עַל תַּלְמֵי שָׂדָי׃ וַיִּבְרַח
יַעֲקֹב שְׂדֵה אֲרָם וַיַּעֲבֹד יִשְׂרָאֵל בְּאִשָּׁה וּבְאִשָּׁה שָׁמָר׃
יד וּבְנָבִיא הֶעֱלָה יְהוָה אֶת־יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם וּבְנָבִיא נִשְׁמָר׃
טו הִכְעִיס אֶפְרַיִם תַּמְרוּרִים וְדָמָיו עָלָיו יִטּוֹשׁ וְחֶרְפָּתוֹ יָשִׁיב
לוֹ אֲדֹנָיו׃

יג

א כְּדַבֵּר אֶפְרַיִם רְתֵת נָשָׂא הוּא בְּיִשְׂרָאֵל וַיֶּאְשַׁם בַּבַּעַל
ב וַיָּמֹת׃ וְעַתָּה ׀ יוֹסִפוּ לַחֲטֹא וַיַּעֲשׂוּ לָהֶם מַסֵּכָה מִכַּסְפָּם
כִּתְבוּנָם עֲצַבִּים מַעֲשֵׂה חָרָשִׁים כֻּלֹּה לָהֶם הֵם אֹמְרִים
ג זֹבְחֵי אָדָם עֲגָלִים יִשָּׁקוּן׃ לָכֵן יִהְיוּ כַּעֲנַן־בֹּקֶר וְכַטַּל
ד מַשְׁכִּים הֹלֵךְ כְּמֹץ יְסֹעֵר מִגֹּרֶן וּכְעָשָׁן מֵאֲרֻבָּה׃ וְאָנֹכִי
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם וֵאלֹהִים זוּלָתִי לֹא תֵדָע

יב, ה׳ קמץ בז״ק   ט׳ סבירין ויאמרו   יג׳ האשכנזים מתחילין כאן
יג, ד׳ קמץ בז״ק

# יג

1 אַז אפרים האָט גערעדט איז געווען אַ ציטערניש,
דערהויבן איז ער געווען אין ישׂראל;
האָט ער זיך פאַרשולדיקט מיט בַּעַל, און איז געשטאָרבן.
2 און אַצונד זינדיקן זיי אַלץ מער,
און האָבן זיך געמאַכט אַ געגאָסן בילד פון זייער זילבער,
געצן לויט זייער שׂכל,
דאָס ווערק פון מייסטערס אַלע.
אויף זיי קען מען זאָגן:
מענטשן שעכטן זיי, קעלבער קושן זיי.
3 דרום וועלן זיי זיין ווי אַ פרימאָרגנוואָלקן,
און ווי דער טוי וואָס פאַרגייט אין דער פרי,
ווי שפריי וואָס ווערט אַוועקגעבלאָזן פון שייער,
און ווי רויך דורכן פענצטער.

4 און איך בין יהוה דיין גאָט
פון לאַנד מִצרַיִם אָן,
און קיין גאָט אַחוץ מיר קענסטו ניט,

וּמוֹשִׁיעַ אַיִן בִּלְתִּי׃ אֲנִי יְדַעְתִּיךָ בַּמִּדְבָּר בְּאֶרֶץ תַּלְאֻבוֹת׃ ה
כְּמַרְעִיתָם וַיִּשְׂבָּעוּ שָׂבְעוּ וַיָּרָם לִבָּם עַל־כֵּן שְׁכֵחוּנִי׃ ו
וָאֱהִי לָהֶם כְּמוֹ־שָׁחַל כְּנָמֵר עַל־דֶּרֶךְ אָשׁוּר׃ אֶפְגְּשֵׁם ז ח
כְּדֹב שַׁכּוּל וְאֶקְרַע סְגוֹר לִבָּם וְאֹכְלֵם שָׁם כְּלָבִיא חַיַּת
הַשָּׂדֶה תְּבַקְּעֵם׃ שִׁחֶתְךָ יִשְׂרָאֵל כִּי־בִי בְעֶזְרֶךָ׃ אֱהִי ט י
מַלְכְּךָ אֵפוֹא וְיוֹשִׁיעֲךָ בְּכָל־עָרֶיךָ וְשֹׁפְטֶיךָ אֲשֶׁר אָמַרְתָּ
תְּנָה־לִּי מֶלֶךְ וְשָׂרִים׃ אֶתֶּן־לְךָ מֶלֶךְ בְּאַפִּי וְאֶקַּח בְּעֶבְרָתִי׃ יא
צָרוּר עֲוֺן אֶפְרָיִם צְפוּנָה חַטָּאתוֹ׃ חֶבְלֵי יוֹלֵדָה יָבֹאוּ יב יג
לוֹ הוּא־בֵן לֹא חָכָם כִּי־עֵת לֹא־יַעֲמֹד בְּמִשְׁבַּר בָּנִים׃
מִיַּד שְׁאוֹל אֶפְדֵּם מִמָּוֶת אֶגְאָלֵם אֱהִי דְבָרֶיךָ מָוֶת אֱהִי יד
קָטָבְךָ שְׁאוֹל נֹחַם יִסָּתֵר מֵעֵינָי׃ כִּי הוּא בֵּין אַחִים יַפְרִיא טו
יָבוֹא קָדִים רוּחַ יְהוָה מִמִּדְבָּר עֹלֶה וְיֵבוֹשׁ מְקוֹרוֹ וְיֶחֱרַב
מַעְיָנוֹ הוּא יִשְׁסֶה אוֹצַר כָּל־כְּלִי חֶמְדָּה׃

יד

תֶּאְשַׁם שֹׁמְרוֹן כִּי מָרְתָה בֵּאלֹהֶיהָ בַּחֶרֶב יִפְּלוּ עֹלְלֵיהֶם א
יְרֻטָּשׁוּ וְהָרִיּוֹתָיו יְבֻקָּעוּ׃ שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד יְהוָה ב
אֱלֹהֶיךָ כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֺנֶךָ׃ קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל־ ג
יְהוָה אִמְרוּ אֵלָיו כָּל־תִּשָּׂא עָוֺן וְקַח־טוֹב וּנְשַׁלְּמָה פָרִים
שְׂפָתֵינוּ׃ אַשּׁוּר ׀ לֹא יוֹשִׁיעֵנוּ עַל־סוּס לֹא נִרְכָּב וְלֹא־ ד
נֹאמַר עוֹד אֱלֹהֵינוּ לְמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ אֲשֶׁר־בְּךָ יְרֻחַם יָתוֹם׃
אֶרְפָּא מְשׁוּבָתָם אֹהֲבֵם נְדָבָה כִּי שָׁב אַפִּי מִמֶּנּוּ׃ אֶהְיֶה ה ו
כַטַּל לְיִשְׂרָאֵל יִפְרַח כַּשּׁוֹשַׁנָּה וְיַךְ שָׁרָשָׁיו כַּלְּבָנוֹן׃ יֵלְכוּ ז
יֹנְקוֹתָיו וִיהִי כַזַּיִת הוֹדוֹ וְרֵיחַ לוֹ כַּלְּבָנוֹן׃ יָשֻׁבוּ יֹשְׁבֵי ח
בְצִלּוֹ יְחַיּוּ דָגָן וְיִפְרְחוּ כַגָּפֶן זִכְרוֹ כְּיֵין לְבָנוֹן׃ אֶפְרַיִם ט
מַה־לִּי עוֹד לָעֲצַבִּים אֲנִי עָנִיתִי וַאֲשׁוּרֶנּוּ אֲנִי כִּבְרוֹשׁ רַעֲנָן
מִמֶּנִּי פֶּרְיְךָ נִמְצָא׃ מִי חָכָם וְיָבֵן אֵלֶּה נָבוֹן וְיֵדָעֵם כִּי־ י
יְשָׁרִים דַּרְכֵי יְהוָה וְצַדִּקִים יֵלְכוּ בָם וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם׃

יג,ה׳ ע״כ לספרדים והאשכנזים גומרים עד סוף הנביא — יב׳ קמץ בז״ק
יד,ב׳ הפטרת שבת שובה עד מיכה ז יח׳ ולפ׳ האזינו דלג עד יואל ב, יא׳ — ד׳ קמץ בז״ק — י׳ כציל — לפ׳ וילך דלג

און ניטאָ קיין העלפער אויסער מיר.
5 איך האָב דיך דערקענט אין דער מדבר,
אין אַ לאַנד פון טריקעניש.
6 ווי זיי האָבן זיך געפיטערט,
אַזוי זיינען זיי זאַט געוואָרן;
זיי זיינען זאַט געוואָרן,
און זייער האַרץ האָט זיך דערהויבן,
דערפאַר האָבן זיי פאַרגעסן אָן מיר.
7 דרום בין איך צו זיי ווי אַ לייב געוואָרן,
ווי אַ לעמפּערט אויפן וועג וועל איך לויערן;
8 איך וועל זיי באַגעגענען ווי אַ בערינטע פון קינדער
באַרויבט,
און איך וועל אויפרייסן דעם שייד פון זייער האַרצן,
און וועל זיי אויפעסן דאָרטן ווי אַ לייבינטע;
די חיה פון פעלד וועט זיי צערייסן.

9 דיך האָט אומגעבראַכט ישׂראל,
וואָס דו ביסט קעגן מיר, קעגן דיין הילף.
10 ווו דען איז דיין מלך,
ער זאָל דיך העלפן אין אַלע דיינע שטעט?
און דיינע ריכטער, וואָס דו האָסט געזאָגט:
גיב מיר אַ מלך און האַרן?
11 איך גיב דיר אַ מלך אין מיין כּעס,
און נעם אַוועק אין מיין גרימצאָרן.

12 אַיינגעבונדן איז די זינד פון אפרים,
באַהאַלטן איז זיין חטא.
13 ווייען פון אַ געווינערין וועלן קומען אויף אים;
אַ ניט קלוג קינד איז ער,
וואָרום עס איז צייט, ער זאָל ניט שטיין בלייבן
אין דעם געבעראָרט פון קינדער.
14 זאָל איך פון דער האַנט פון אונטערערד זיי אויסלייזן?
זאָל איך פון טויט זיי אויסקויפן?
ווו זיינען דיינע מגפות, טויט?
ווו דיין פּעסט, אונטערערד?
דערבאַרימונג זאָל פאַרבאָרגן זיין פון מיינע אויגן.
15 וואָרום ער מעג וואַקסן צווישן טייכגראָזן,
וועט קומען אַ מזרח־ווינט,
אַ שטורעם פון גאָט פון מדבר גייט אויף
און טרוקן ווערן וועט זיין ברונעם,
און אויסטריקענען וועט זיין קוואַל;
ער וועט צערויבן דעם שאַץ פון אַלע גלוסטיקע זאַכן.

יד 1 פאַרשולדיקט איז שומרון,
וואָרום זי האָט ווידערשפּעניקט אָן איר גאָט;
דורכן שווערד וועלן זיי פאַלן,
זייערע קליינע קינדער וועלן צעהאַקט ווערן,
און זיינע טראָגעדיקע וועלן אויפגעשפּאָלטן ווערן.

2 קער זיך אום, ישׂראל, צו יהוה דיין גאָט,
וואָרום האָסט געשטרויכלט דורך דיינע זינד.
3 נעמט מיט אַייך ווערטער,
און קערט אַייך אום צו גאָט;
זאָגט צו אים: פאַרגיב אַלע זינד,
און נעם אָן דאָס גוטע;
און לאָמיר צאָלן אָנשטאָט אָקסן מיט אונדזערע ליפּן.
4 אַשור וועט אונדז ניט העלפן,
אויף פערד וועלן מיר ניט רייטן,
און מיר וועלן מער ניט זאָגן „אונדזער גאָט"
צום ווערק פון אונדזערע הענט;
וואָרום דורך דיר ווערט דערבאַרימט דער עלנדער.

5 איך וועל היילן זייער אָפּקערונג,
איך וועל זיי ליב האָבן האַרציק,
וואָרום מיין צאָרן האָט זיך אָפּגעקערט פון אים.
6 איך וועל זיין ווי דער טוי צו ישׂראל;
ער וועט בליען ווי אַ ליליע,
און שלאָגן זיינע וואָרצלען ווי דער לבנון.
7 זיינע צווייגן וועלן זיך שפּרייטן,
און זיין גלאַנץ וועט זיין ווי פון אייל־בערטבוים,
און אַ ריח וועט ער האָבן ווי דער לבנון.
8 די וואָס זיצן אין זיין שאָטן
וועלן ווידער אויפברענגען תּבואה,
און זיי וועלן בליען ווי אַ וויינשטאָק;
זיין דופט ווי דער וויין פון לבנון.
9 אפרים [וועט זאָגן]:
וואָס קער איך זיך אָן מער מיט געצנבילדער.
איך ענטפער, און וועל אים אָנקוקן;
איך בין ווי אַ צווייגהאַפטיקער ציפּרעס;
פון מיר ווערט געקראָגן דיין פרוכט.

10 ווער קלוג איז זאָל דאָס פאַרשטיין,
ווער פאַרשטאַנדיק זאָל עס מערקן,
וואָרום רעכטפאַרטיק זיינען די וועגן פון גאָט,
און די גערעכטע גייען אין זיי,
און די פאַרברעכער ווערן געשטרויכלט אין זיי.

# יוֹאֵל

א ב דְּבַר־יְהוָה אֲשֶׁר הָיָה אֶל־יוֹאֵל בֶּן־פְּתוּאֵל׃ שִׁמְעוּ־
זֹאת הַזְּקֵנִים וְהַאֲזִינוּ כֹּל יוֹשְׁבֵי הָאָרֶץ הֲהָיְתָה זֹּאת
ג בִּימֵיכֶם וְאִם בִּימֵי אֲבֹתֵיכֶם׃ עָלֶיהָ לִבְנֵיכֶם סַפֵּרוּ וּבְנֵיכֶם
ד לִבְנֵיהֶם וּבְנֵיהֶם לְדוֹר אַחֵר׃ יֶתֶר הַגָּזָם אָכַל הָאַרְבֶּה
וְיֶתֶר הָאַרְבֶּה אָכַל הַיָּלֶק וְיֶתֶר הַיֶּלֶק אָכַל הֶחָסִיל׃
ה הָקִיצוּ שִׁכּוֹרִים וּבְכוּ וְהֵילִלוּ כָּל־שֹׁתֵי יָיִן עַל־עָסִיס כִּי
ו נִכְרַת מִפִּיכֶם׃ כִּי־גוֹי עָלָה עַל־אַרְצִי עָצוּם וְאֵין מִסְפָּר
ז שִׁנָּיו שִׁנֵּי אַרְיֵה וּמְתַלְּעוֹת לָבִיא לוֹ׃ שָׂם גַּפְנִי לְשַׁמָּה
וּתְאֵנָתִי לִקְצָפָה חָשֹׂף חֲשָׂפָהּ וְהִשְׁלִיךְ הִלְבִּינוּ שָׂרִיגֶיהָ׃
ח ט אֱלִי כִּבְתוּלָה חֲגֻרַת־שַׂק עַל־בַּעַל נְעוּרֶיהָ׃ הָכְרַת מִנְחָה
י וָנֶסֶךְ מִבֵּית יְהוָה אָבְלוּ הַכֹּהֲנִים מְשָׁרְתֵי יְהוָה׃ שֻׁדַּד
שָׂדֶה אָבְלָה אֲדָמָה כִּי שֻׁדַּד דָּגָן הוֹבִישׁ תִּירוֹשׁ אֻמְלַל
יא יִצְהָר׃ הֹבִישׁוּ אִכָּרִים הֵילִילוּ כֹּרְמִים עַל־חִטָּה וְעַל־
יב שְׂעֹרָה כִּי אָבַד קְצִיר שָׂדֶה׃ הַגֶּפֶן הוֹבִישָׁה וְהַתְּאֵנָה
אֻמְלָלָה רִמּוֹן גַּם־תָּמָר וְתַפּוּחַ כָּל־עֲצֵי הַשָּׂדֶה יָבֵשׁוּ כִּי־
יג הֹבִישׁ שָׂשׂוֹן מִן־בְּנֵי אָדָם׃ חִגְרוּ וְסִפְדוּ הַכֹּהֲנִים
הֵילִילוּ מְשָׁרְתֵי מִזְבֵּחַ בֹּאוּ לִינוּ בַשַּׂקִּים מְשָׁרְתֵי אֱלֹהָי
יד כִּי נִמְנַע מִבֵּית אֱלֹהֵיכֶם מִנְחָה וָנָסֶךְ׃ קַדְּשׁוּ־צוֹם
קִרְאוּ עֲצָרָה אִסְפוּ זְקֵנִים כֹּל יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ בֵּית יְהוָה
טו אֱלֹהֵיכֶם וְזַעֲקוּ אֶל־יְהוָה׃ אֲהָהּ לַיּוֹם כִּי קָרוֹב יוֹם
טז יְהוָה וּכְשֹׁד מִשַּׁדַּי יָבוֹא׃ הֲלוֹא נֶגֶד עֵינֵינוּ אֹכֶל נִכְרָת

**א** 1 דאָס וואָרט פון גאָט וואָס איז געווען צו יואֵל דעם
זון פון פּתוּאֵלן:
2 הערט דאָס צו, איר זקנים,
און פאַרנעמט אַלע באַוווינער פון לאַנד:
איז אַזוי וואָס געשען אין אַייערע טעג,
צי אין די טעג פון אַייערע עלטערן?
3 דערציילט וועגן דעם אַייערע קינדער,
און אַייערע קינדער צו זייערע קינדער,
און זייערע קינדער צו דעם אַנדער דור.
4 וואָס איז געבליבן פון דעם וואָרעם
האָט אויפגעגעסן דער היישעריק,
און וואָס איז געבליבן פון דעם היישעריק
האָט אויפגעגעסן דער גראָזפרעסער,
און וואָס איז געבליבן פון דעם גראָזפרעסער
האָט אויפגעגעסן דער גריל.
5 כאַפּט זיך אויף, שיכּורים, און וויינט,
און יאָמערט, אַלע טרינקער פון וויין,
אויף דער טרויבנזאַפט
וואָס זי איז פאַרשניטן געוואָרן פון אַייער מויל.
6 וואָרום אַ פאָלק איז אַרויפגעקומען אויף מיין לאַנד,
מאַכטיק און אָן אַ צאָל;
זיינע ציין זיינען ציין פון אַ לייב,
און באַקציינער פון אַ לייבינטע האָט ער.
7 ער האָט געמאַכט מיין ווײנשטאָק צו וויסט,
און צו שפּענדלעך מיין פייגנבוים;
אָפּגעהוילט הויל האָט ער אים און אַנידערגעוואָרפן,
זיינע צווייגן זיינען ווייס געוואָרן.
8 קלאָג ווי אַ יונגפרוי אָנגעגורט מיט זאַק
נאָך דעם מאַן פון איר יוגנט.
9 פאַרשניטן געוואָרן איז אַ שפּייזאָפּפער און אַ גיסאָפּפער
פון דעם הויז פון גאָט;
עס טרויערן די כּהנים,
די באַדינער פון גאָט.
10 פאַרוויסט געוואָרן איז דאָס פעלד[א],
עס טרויערט די ערד,
וואָרום פאַרוויסט געוואָרן איז די תּבואה,
אויסגעטריקנט האָט דער וויין,
אַיינגעגאַנגען איז דאָס אייל,
11 צו שאַנד זיינען די אַקערלייט,
עס יאָמערן די וויינגערטנירער,
אויפן ווייץ און אויפן גערשטן;
וואָרום דער שניט פון פעלד איז פאַרלאָרן.
12 דער ווײנשטאָק איז פאַרטריקנט,
און דער פייגנבוים איז פאַרוועלקט;
דער מילגרוים, אויך דער טייטלבוים און דער
עפּלבוים,
אַלע ביימער פון פעלד, זיינען פאַרטריקנט;
יאָ, אויסגעטריקנט האָט די פרייד פון די
מענטשנקינדער.
13 גורט אַייך אָן און קלאָגט, איר כּהנים,
יאָמערט, איר באַדינער פון מזבח;
קומט נעכטיקט אין זאַקקליידער,
באַדינער פון מיין גאָט,
וואָרום פאַרמיטן איז פון אַייער גאָטס הויז
אַ שפּייזאָפּפער און אַ גיסאָפּפער.
14 הייליקט אַ פאַסטטאָג,
רופט אַן איינזאַמלונג,
קלייבט צונויף די עלטסטע,
אַלע באַוווינער פון לאַנד,
אין הויז פון יהוה אַייער גאָט,
און טוט שרייען צו גאָט.
15 וויי אויף דעם טאָג!
וואָרום נאָנט איז דער טאָג פון גאָט,
און ווי אַ בראָך פון אַלמאַכטיקן[ב] קומט ער.
16 פאַרוואָר, פאַר אונדזערע אויגן
איז פאַרשניטן די שפּייז;

[א] וואָרטשפּיל: שָׁדַד-שָׂדֶה.
[ב] וואָרטשפּיל: כשד מִשַׁדַי.

יז מִבֵּית אֱלֹהֵינוּ שִׂמְחָה וָגִיל׃ עָבְשׁוּ פְרֻדוֹת תַּחַת
מֶגְרְפֹתֵיהֶם נָשַׁמּוּ אֹצָרוֹת נֶהֶרְסוּ מַמְּגֻרוֹת כִּי הֹבִישׁ דָּגָן׃
יח מַה־נֶּאֶנְחָה בְהֵמָה נָבֹכוּ עֶדְרֵי בָקָר כִּי אֵין מִרְעֶה לָהֶם
יט גַּם־עֶדְרֵי הַצֹּאן נֶאְשָׁמוּ׃ אֵלֶיךָ יְהוָה אֶקְרָא כִּי־אֵשׁ אָכְלָה
כ נְאוֹת מִדְבָּר וְלֶהָבָה לִהֲטָה כָּל־עֲצֵי הַשָּׂדֶה׃ גַּם־בַּהֲמוֹת
שָׂדֶה תַּעֲרוֹג אֵלֶיךָ כִּי יָבְשׁוּ אֲפִיקֵי מָיִם וְאֵשׁ אָכְלָה
נְאוֹת הַמִּדְבָּר׃

## ב

א תִּקְעוּ שׁוֹפָר בְּצִיּוֹן וְהָרִיעוּ בְּהַר קָדְשִׁי יִרְגְּזוּ כֹּל יֹשְׁבֵי
ב הָאָרֶץ כִּי־בָא יוֹם־יְהוָה כִּי קָרוֹב׃ יוֹם חֹשֶׁךְ וַאֲפֵלָה יוֹם
עָנָן וַעֲרָפֶל כְּשַׁחַר פָּרֻשׂ עַל־הֶהָרִים עַם רַב וְעָצוּם כָּמֹהוּ
לֹא נִהְיָה מִן־הָעוֹלָם וְאַחֲרָיו לֹא יוֹסֵף עַד־שְׁנֵי דּוֹר וָדוֹר׃
ג לְפָנָיו אָכְלָה אֵשׁ וְאַחֲרָיו תְּלַהֵט לֶהָבָה כְּגַן־עֵדֶן הָאָרֶץ
לְפָנָיו וְאַחֲרָיו מִדְבַּר שְׁמָמָה וְגַם־פְּלֵיטָה לֹא־הָיְתָה לּוֹ׃
ד ה כְּמַרְאֵה סוּסִים מַרְאֵהוּ וּכְפָרָשִׁים כֵּן יְרוּצוּן׃ כְּקוֹל
מַרְכָּבוֹת עַל־רָאשֵׁי הֶהָרִים יְרַקֵּדוּן כְּקוֹל לַהַב אֵשׁ אֹכְלָה
ו קָשׁ כְּעַם עָצוּם עֱרוּךְ מִלְחָמָה׃ מִפָּנָיו יָחִילוּ עַמִּים כָּל־
ז פָּנִים קִבְּצוּ פָארוּר׃ כְּגִבּוֹרִים יְרֻצוּן כְּאַנְשֵׁי מִלְחָמָה
יַעֲלוּ חוֹמָה וְאִישׁ בִּדְרָכָיו יֵלֵכוּן וְלֹא יְעַבְּטוּן אֹרְחוֹתָם׃
ח וְאִישׁ אָחִיו לֹא יִדְחָקוּן גֶּבֶר בִּמְסִלָּתוֹ יֵלֵכוּן וּבְעַד הַשֶּׁלַח
ט יִפֹּלוּ לֹא יִבְצָעוּ׃ בָּעִיר יָשֹׁקּוּ בַּחוֹמָה יְרֻצוּן בַּבָּתִּים יַעֲלוּ
י בְּעַד הַחַלּוֹנִים יָבֹאוּ כַּגַּנָּב׃ לְפָנָיו רָגְזָה אֶרֶץ רָעֲשׁוּ שָׁמָיִם
יא שֶׁמֶשׁ וְיָרֵחַ קָדָרוּ וְכוֹכָבִים אָסְפוּ נָגְהָם׃ וַיהוָה נָתַן קוֹלוֹ
לִפְנֵי חֵילוֹ כִּי רַב מְאֹד מַחֲנֵהוּ כִּי עָצוּם עֹשֵׂה דְבָרוֹ כִּי־
יב גָדוֹל יוֹם־יְהוָה וְנוֹרָא מְאֹד וּמִי יְכִילֶנּוּ׃ וְגַם־עַתָּה נְאֻם־
יְהוָה שֻׁבוּ עָדַי בְּכָל־לְבַבְכֶם וּבְצוֹם וּבִבְכִי וּבְמִסְפֵּד׃
יג וְקִרְעוּ לְבַבְכֶם וְאַל־בִּגְדֵיכֶם וְשׁוּבוּ אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
כִּי־חַנּוּן וְרַחוּם הוּא אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב־חֶסֶד וְנִחָם עַל־

א, כ׳ ב, י׳ קמץ בז״ק

פון אונדזער גאָטס הויז,
די פרייד און די לוסטיקייט.
17 אַיינגעדאַרט זיינען די זאָמען
אונטער זייערע גרודעס,
וויסט געוואָרן זיינען די שפּייכלערס,
אַיינגעפאַלן זיינען די שייערן
וואָרום אויסגעטריקנט איז די תּבואה.
18 ווי קרעכצט די בּהמה!
צעטומלט זיינען די סטאַדעס רינדער,
וואָרום ניטאָ פאַר זיי קיין פּיטערונג;
אַפילו די סטאַדעס שאָף זיינען פאַרוויסט.
19 צו דיר, גאָט, טו איך רופן,
וואָרום אַ פייער האָט פאַרצערט
די פּיטערפּלעצער פון מדבּר,
און אַ פלאַם האָט צעפלאַקערט
אַלע בּיימער פון פעלד.
20 אַפילו די בּהמות פון פעלד שמאַכטן צו דיר,
וואָרום אויסגעטריקנט זיינען די גראָבנס וואַסער,
און אַ פייער האָט פאַרצערט
די פּיטערפּלעצער פון מדבּר.

ב 1 בּלאָזט אַ שופר אין צִיון,
און שאַלט אויף מיין הייליקן בּאַרג,
זאָלן ציטערן אַלע בּאַוואוינער פון לאַנד,
וואָרום דער טאָג פון גאָט קומט אָן,
וואָרום ער איז נאָענט;
2 אַ טאָג פון חושך און פינצטערניש,
אַ טאָג פון וואָלקן און נעבּל,
ווי אַ שוואַרצקייט אויסגעשפּרייט אויף די בּערג;
אַ גרויס פאָלק און אַ מאַכטיקס,
אַזאַ ווי ער איז ניט געווען פון אייבּיק אָן
און וועט נאָך אים מער ניט זיין
בּיז די יאָרן פון דור־דורות.
3 אים פאַרויס פאַרצערט אַ פייער,
און הינטער אים פלאַקערט אַ פלאַם;
ווי דער גאָרטן פון עֵדן איז דאָס לאַנד פאַר אים,
און הינטער אים אַ מדבּר אַ וויסטער,
און צומאָל קיין אַנטרינונג איז ניטאָ פון אים.
4 ווי דאָס אויסזען פון פערד איז זיין אויסזען,
און ווי רייטער אַזוי לויפן זיי.
5 ווי דאָס גערויש פון רייטוועגן,
איז זייער שפּרינגען אויף די שפּיצן בּערג;
ווי דער קנאַל פון אַ פלאַמפייער
וואָס פאַרצערט שטרוי;
ווי אַ פאָלק אַ מאַכטיקס
געגרייט צו מלחמה.
6 פאַר אים ציטערן פעלקער,
אַלע פּנימער האָבּן אָנגענומען אַ פינצטערניש.
7 ווי גיבּורים לויפן זיי,
ווי מלחמה־לייט קלעטערן זיי אויף דער מויער,
און איטלעכער אין זיינע וועגן גייען זיי,
און זיי פּלאָנטערן ניט זייערע שטעגן.
8 און איינער דעם אַנדערן שטויסן זיי ניט,
איטלעכער אין זיין שליאַך גייען זיי,
און דורך וואָפן וואַרפן זיי זיך,
און ווערן ניט געשעדיקט.
9 זיי שפּרינגען אויף דער שטאָט,
זיי לויפן אויף דער מויער,
זיי גייען אַרויף אין די הייזער,
זיי קומען דורך די פענצטער ווי אַ גנב.
10 פאַר אים ציטערט די ערד,
שטורעמען די הימלען;
די זון און די לבנה ווערן שוואַרץ,
און די שטערן נעמען אַריין זייער שיין.
11 און גאָט לאָזט אַרויס זיין קָול
פאַרויס פאַר זיין חיל;
וואָרום זייער גרויס איז זיין מחנה,
וואָרום מאַכטיק איז דער וואָס טוט זיין בּאַפעל;
וואָרום גרויס איז דער טאָג פון גאָט און מוראדיק זייער,
און ווער קען אים אויסהאַלטן?
12 אָבּער נאָך איצט, זאָגט גאָט,
קערט אַייך אום צו מיר מיט אַייער גאַנצן האַרצן,
און מיט פאַסטן און מיט געוויין און מיט קלאָג;
13 און צערייסט אַייער האַרץ און ניט אַייערע קליידער,
און קערט אַייך אום צו יהוה אַייער גאָט,
וואָרום ער איז לייטזעליק און דערבּאַרימדיק,
אַיינגעהאַלטן אין צאָרן, און רייך אין גענאָד,
און ער האָט חרטה אויף דעם בּייז.

יד הָרָעָה׃ מִי יוֹדֵעַ יָשׁוּב וְנִחָם וְהִשְׁאִיר אַחֲרָיו בְּרָכָה
טו מִנְחָה וָנֶסֶךְ לַיהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ תִּקְעוּ שׁוֹפָר בְּצִיּוֹן
טז קַדְּשׁוּ־צוֹם קִרְאוּ עֲצָרָה׃ אִסְפוּ־עָם קַדְּשׁוּ קָהָל קִבְצוּ
זְקֵנִים אִסְפוּ עוֹלָלִים וְיֹנְקֵי שָׁדָיִם יֵצֵא חָתָן מֵחֶדְרוֹ וְכַלָּה
יז מֵחֻפָּתָהּ׃ בֵּין הָאוּלָם וְלַמִּזְבֵּחַ יִבְכּוּ הַכֹּהֲנִים מְשָׁרְתֵי
יְהוָה וְיֹאמְרוּ חוּסָה יְהוָה עַל־עַמֶּךָ וְאַל־תִּתֵּן נַחֲלָתְךָ
לְחֶרְפָּה לִמְשָׁל־בָּם גּוֹיִם לָמָּה יֹאמְרוּ בָעַמִּים אַיֵּה
יח יט אֱלֹהֵיהֶם׃ וַיְקַנֵּא יְהוָה לְאַרְצוֹ וַיַּחְמֹל עַל־עַמּוֹ׃ וַיַּעַן יְהוָה
וַיֹּאמֶר לְעַמּוֹ הִנְנִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֶת־הַדָּגָן וְהַתִּירוֹשׁ וְהַיִּצְהָר
כ וּשְׂבַעְתֶּם אֹתוֹ וְלֹא־אֶתֵּן אֶתְכֶם עוֹד חֶרְפָּה בַּגּוֹיִם׃ וְאֶת־
הַצְּפוֹנִי אַרְחִיק מֵעֲלֵיכֶם וְהִדַּחְתִּיו אֶל־אֶרֶץ צִיָּה וּשְׁמָמָה
אֶת־פָּנָיו אֶל־הַיָּם הַקַּדְמֹנִי וְסֹפוֹ אֶל־הַיָּם הָאַחֲרוֹן וְעָלָה
כא בָאְשׁוֹ וְתַעַל צַחֲנָתוֹ כִּי הִגְדִּיל לַעֲשׂוֹת׃ אַל־תִּירְאִי אֲדָמָה
כב גִּילִי וּשְׂמָחִי כִּי־הִגְדִּיל יְהוָה לַעֲשׂוֹת׃ אַל־תִּירְאוּ בַּהֲמוֹת
שָׂדַי כִּי דָשְׁאוּ נְאוֹת מִדְבָּר כִּי־עֵץ נָשָׂא פִרְיוֹ תְּאֵנָה וָגֶפֶן
כג נָתְנוּ חֵילָם׃ וּבְנֵי צִיּוֹן גִּילוּ וְשִׂמְחוּ בַּיהוָה אֱלֹהֵיכֶם כִּי־
נָתַן לָכֶם אֶת־הַמּוֹרֶה לִצְדָקָה וַיּוֹרֶד לָכֶם גֶּשֶׁם מוֹרֶה
כד וּמַלְקוֹשׁ בָּרִאשׁוֹן׃ וּמָלְאוּ הַגֳּרָנוֹת בָּר וְהֵשִׁיקוּ הַיְקָבִים
כה תִּירוֹשׁ וְיִצְהָר׃ וְשִׁלַּמְתִּי לָכֶם אֶת־הַשָּׁנִים אֲשֶׁר אָכַל
הָאַרְבֶּה הַיֶּלֶק וְהֶחָסִיל וְהַגָּזָם חֵילִי הַגָּדוֹל אֲשֶׁר שִׁלַּחְתִּי
כו בָּכֶם׃ וַאֲכַלְתֶּם אָכוֹל וְשָׂבוֹעַ וְהִלַּלְתֶּם אֶת־שֵׁם יְהוָה
אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר־עָשָׂה עִמָּכֶם לְהַפְלִיא וְלֹא־יֵבֹשׁוּ עַמִּי
כז לְעוֹלָם׃ וִידַעְתֶּם כִּי בְקֶרֶב יִשְׂרָאֵל אָנִי וַאֲנִי יְהוָה
אֱלֹהֵיכֶם וְאֵין עוֹד וְלֹא־יֵבֹשׁוּ עַמִּי לְעוֹלָם׃

ג

א וְהָיָה אַחֲרֵי־כֵן אֶשְׁפּוֹךְ אֶת־רוּחִי עַל־כָּל־בָּשָׂר וְנִבְּאוּ
בְּנֵיכֶם וּבְנוֹתֵיכֶם זִקְנֵיכֶם חֲלֹמוֹת יַחֲלֹמוּן בַּחוּרֵיכֶם
ב חֶזְיֹנוֹת יִרְאוּ׃ וְגַם עַל־הָעֲבָדִים וְעַל־הַשְּׁפָחוֹת בַּיָּמִים

טז׳ ס״א מחדרו כז׳ ע״ב

14 ווער ווייס, אפשר ווידער וועט ער חרטה האָבן,
און לאָזן אַ ברכה הינטער זיך—
אַ שפּייזאָפּפּער און אַ גיסאָפּפּער
פאַר יהוה אַייער גאָט.

15 בלאָזט אַ שופר אין ציון,
הייליקט אַ פאַסטטאָג,
רופט אַן אײַנזאַמלונג;
16 זאַמלט אײַן דאָס פאָלק,
פאַררופט די עדה,
קלייבט צונויף די זקנים,
זאַמלט אײַן די קליינע קינדער,
און די וואָס זייגן די ברוסט;
זאָל דער חתן אַרויסגיין פון זיין קאַמער,
און די כלה פון איר געצעלט.
17 צווישן דעם פּאָליש און דעם מזבח
זאָלן וויינען די כהנים, די דינער פון גאָט,
און זאָלן זיי זאָגן:
דערבאַרים זיך גאָט אויף דיין פאָלק,
און זאָלסט ניט געבן דיין אַרב צו שאַנד,
אַז פעלקער זאָלן זיך ווערטלען איבער זיי;
נאָך וואָס זאָל מען זאָגן צווישן די אומות:
אַווו איז זייער גאָט?

18 און גאָט האָט זיך אָנגענומען פאַר זיין לאַנד,
און האָט זיך דערבאַרימט אויף זיין פאָלק.
19 און גאָט האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיין פאָלק:
זעט, איך שיק אײַך תבואה און וויין און אייל,
און איר וועט זיי האָבן צו זאַט;
און איך וועל אײַך מער ניט געבן צו שאַנד ביי די
פעלקער.
20 און דעם צפונדיקן וועל איך דערווייטערן פון אײַך,
און וועל אים פאַרשטויסן אין אַ לאַנד פון טריקעניש
און וויסטעניש,
מיט זיין פנים צום פעדערשטן ים,
און זיין עק צום הינטערשטן ים;
און זיין פוילגערוך וועט אויפגיין,
און זיין געשטאַנק וועט אויפגיין,
ווייל ער האָט גרויס זיך פאַרנומען.

21 זאָלסט ניט מורא האָבן, ערד,
פריי זיך און זיי לוסטיק,
וואָרום גרויס געטאָן האָט גאָט.
22 איר זאָלט ניט מורא האָבן, בהמות פון פעלד,
וואָרום די פיטערפלעצער פון מדבר זיינען באַגראָזט,
וואָרום דער בוים טראָגט זיין פרוכט,
דער פייגנבוים און דער וויינשטאָק גיבן זייער קריפט.
23 און איר קינדער פון ציון, זייט לוסטיק און פרייט זיך
מיט יהוה אַייער גאָט,
וואָרום ער גיט אײַך דעם פרירעגן ריכטיק;
יאָ, ער מאַכט נידערן פאַר אײַך רעגן,
פרירעגן און שפּעטרעגן אין ערשן [חודש].
24 און די שייערן וועלן פול זיין מיט תבואה,
און די קעלטערן וועלן איבערלויפן מיט וויין און אייל.
25 און איך וועל אײַך אָפּצאָלן די יאָרן
וואָס דער היישעריק האָט אויפגעגעסן,
דער גראָזפרעסער, און דער גריל, און דער וואָרעם,
מיין גרויס חיל וואָס איך האָב אָנגעשיקט אויף אײַך.
26 און עסן וועט איר עסן און זאַט זיין,
און איר וועט לויבן דעם נאָמען פון יהוה אַייער גאָט,
וואָס האָט געטאָן מיט אײַך וווּנדערלעך;
און מיין פאָלק וועט אויף אייביק ניט פאַרשעמט ווערן.
27 און איר וועט וויסן אַז איך בין צווישן ישׂראל,
און איך בין יהוה אַייער גאָט, און מער איז ניטאָ;
און מיין פאָלק וועט אויף אייביק ניט פאַרשעמט ווערן.

ג 1 און עס וועט זיין נאָך דעם,
וועל איך אויסגיסן מיין גייסט אויף יעטוועדער לייב,
און אַייערע זין און אַייערע טעכטער וועלן נביאות זאָגן,
אַייערע זקנים וועלן חלומות חלומען,
אַייערע בחורים וועלן זעאונגען זען.
2 און אויך אויף די קנעכט און אויף די דינסטן

ג הַהֵמָּה אֶשְׁפּוֹךְ אֶת־רוּחִי׃ וְנָתַתִּי מוֹפְתִים בַּשָּׁמַיִם
ד וּבָאָרֶץ דָּם וָאֵשׁ וְתִימְרוֹת עָשָׁן׃ הַשֶּׁמֶשׁ יֵהָפֵךְ לְחֹשֶׁךְ
ה וְהַיָּרֵחַ לְדָם לִפְנֵי בּוֹא יוֹם יְהוָה הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא׃ וְהָיָה
כֹּל אֲשֶׁר־יִקְרָא בְּשֵׁם יְהוָה יִמָּלֵט כִּי בְּהַר־צִיּוֹן וּבִירוּשָׁלַםִ
תִּהְיֶה פְלֵיטָה כַּאֲשֶׁר אָמַר יְהוָה וּבַשְּׂרִידִים אֲשֶׁר
יְהוָה קֹרֵא׃

ד

א כִּי הִנֵּה בַּיָּמִים הָהֵמָּה וּבָעֵת הַהִיא אֲשֶׁר אָשׁוֹב אֶת־
ב שְׁבוּת יְהוּדָה וִירוּשָׁלָםִ׃ וְקִבַּצְתִּי אֶת־כָּל־הַגּוֹיִם וְהוֹרַדְתִּים
אֶל־עֵמֶק יְהוֹשָׁפָט וְנִשְׁפַּטְתִּי עִמָּם שָׁם עַל־עַמִּי וְנַחֲלָתִי
ג יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר פִּזְּרוּ בַגּוֹיִם וְאֶת־אַרְצִי חִלֵּקוּ׃ וְאֶל־עַמִּי
יַדּוּ גוֹרָל וַיִּתְּנוּ הַיֶּלֶד בַּזּוֹנָה וְהַיַּלְדָּה מָכְרוּ בַיַּיִן וַיִּשְׁתּוּ׃
ד וְגַם מָה־אַתֶּם לִי צֹר וְצִידוֹן וְכֹל גְּלִילוֹת פְּלָשֶׁת הַגְּמוּל
אַתֶּם מְשַׁלְּמִים עָלָי וְאִם־גֹּמְלִים אַתֶּם עָלַי קַל מְהֵרָה
ה אָשִׁיב גְּמֻלְכֶם בְּרֹאשְׁכֶם׃ אֲשֶׁר־כַּסְפִּי וּזְהָבִי לְקַחְתֶּם
ו וּמַחֲמַדַּי הַטֹּבִים הֲבֵאתֶם לְהֵיכְלֵיכֶם׃ וּבְנֵי יְהוּדָה וּבְנֵי
יְרוּשָׁלַםִ מְכַרְתֶּם לִבְנֵי הַיְּוָנִים לְמַעַן הַרְחִיקָם מֵעַל
ז גְּבוּלָם׃ הִנְנִי מְעִירָם מִן־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־מְכַרְתֶּם אֹתָם
ח שָׁמָּה וַהֲשִׁבֹתִי גְמֻלְכֶם בְּרֹאשְׁכֶם׃ וּמָכַרְתִּי אֶת־בְּנֵיכֶם
וְאֶת־בְּנוֹתֵיכֶם בְּיַד בְּנֵי יְהוּדָה וּמְכָרוּם לִשְׁבָאיִם אֶל־גּוֹי
ט רָחוֹק כִּי יְהוָה דִּבֵּר׃ קִרְאוּ־זֹאת בַגּוֹיִם קַדְּשׁוּ
מִלְחָמָה הָעִירוּ הַגִּבּוֹרִים יִגְּשׁוּ יַעֲלוּ כֹּל אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה׃
י כֹּתּוּ אִתֵּיכֶם לַחֲרָבוֹת וּמַזְמְרֹתֵיכֶם לִרְמָחִים הַחַלָּשׁ יֹאמַר
יא גִּבּוֹר אָנִי׃ עוּשׁוּ וָבֹאוּ כָל־הַגּוֹיִם מִסָּבִיב וְנִקְבָּצוּ שָׁמָּה
יב הַנְחַת יְהוָה גִּבּוֹרֶיךָ׃ יֵעוֹרוּ וְיַעֲלוּ הַגּוֹיִם אֶל־עֵמֶק
יְהוֹשָׁפָט כִּי שָׁם אֵשֵׁב לִשְׁפֹּט אֶת־כָּל־הַגּוֹיִם מִסָּבִיב׃
יג שִׁלְחוּ מַגָּל כִּי בָשַׁל קָצִיר בֹּאוּ רְדוּ כִּי־מָלְאָה גַּת הֵשִׁיקוּ

ד, א׳ אשיב קרי   ד׳ קמץ בז״ק   ח׳ כצ״ל

וועל איך אויסגיסן מיין גייסט אין יענע טעג.
[3] און איך וועל ווייזן ווונדער אין הימל און אויף דער ערד,
בלוט און פייער און ויילן רויך.
[4] די זון וועט פאַרקערט ווערן אין פינצטערניש,
און די לבנה אין בלוט,
איידער עס קומט דער טאָג פון גאָט,
דער גרויסער און דער מוראדיקער.
[5] און עס וועט זיין,
איטלעכער וואָס וועט רופן דעם נאָמען פון גאָט,
וועט אַנטרונען ווערן,
וואָרום אויף באַרג ציון און אין ירושָלַיִם
וועט זיין אַן אַנטרינונג,
אַזוי ווי גאָט האָט געזאָגט;
און די געבליבענע וועלן זיין די וואָס גאָט טוט רופן.

ד [1] וואָרום זע, אין יענע טעג און אין יענער צייט,
אַז איך וועל אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון
יהודה און ירושָלַיִם,
[2] וועל איך אַייגזאַמלען אַלע פעלקער,
און איך וועל זיי מאַכן נידערן אין טאָל פון יהוֹשָפָט,
און איך וועל זיך דאָרטן משפטן מיט זיי
פאַר מיין פאָלק און מיין אַרב ישׂראל,
וואָס זיי האָבן זיי צעשפּרייט צווישן די פעלקער,
און צעטיילט מיין לאַנד.
[3] און אויף מיין פאָלק האָבן זיי גורל געוואָרפן,
און געגעבן אַ ייִנגל פאַר אַ זונה,
און אַ מיידל פאַרקויפט פאַר וויין, און געטרונקען.

[4] און וואָס זייט איר מיר גאָר, צור און צידון,
און אַלע געגנטן פון פּלֶשֶת?
צי פאַרגעלטונג צאָלט איר דאָס אָפּ פון מיינעטוועגן?
איז, אויב איר פאַרגעלט דאָס פון מיינעטוועגן,
וועל איך אַיליק גיך אומקערן
אַייער פאַרגעלטונג אויף אַייער קאָפּ;
[5] וואָס מיין זילבער און מיין גאָלד האָט איר צוגענומען,
און מיינע בעסטע גלוסטיקייטן געבראַכט אין אַייערע פאַלאַצן
[6] און די קינדער פון יהודה און די קינדער פון ירושָלַיִם
האָט איר פאַרקויפט צו די קינדער פון די יוָנים,
כדי זיי צו דערווייטערן פון ווייער געמאַרק.
[7] זעט, איך דערוועק זיי פון דעם אָרט
וואָס איר האָט זיי פאַרקויפט דאָרטן,
און איך וועל אומקערן אַייער טואונג אויף אַייער קאָפּ.
[8] און איך וועל פאַרקויפן אַייערע זין און אַייערע טעכטער
אין דער האַנט פון די קינדער פון יהודה,
און זיי וועלן זיי פאַרקויפן צו די שבָאים, צו אַ ווייטן פאָלק,
וואָרום גאָט האָט גערעדט.

[9] רופט דאָס אויס צווישן די פעלקער,
בּרייט אָן אַ מלחמה,
וועקט אויף די גיבורים;
זאָלן גענענען, זאָלן אַרויפגיין
אַלע מענער פון מלחמה.
[10] שמידט אַייערע אַקעראַייזנס אויף שווערדן,
און אַייערע צווייגמעסערס אויף שפּיזן;
דער שלאַפער זאָל זאָגן: אַ גיבור בין איך.
[11] אַיילט און קומט אַלע פעלקער פון רונד אַרום,
און לאָמען זיך אַיינזאַמלען;
אַהין מאַך נידערן, גאָט, דיינע גיבורים!
[12] זאָלן זיך דערוועקן די פעלקער און אַרויפגיין
צום טאָל פון יהוֹשָפָט
וואָרום דאָרטן וועל איך זיצן
צו משפטן אַלע פעלקער פון רונד אַרום.
[13] לייגט צו דעם שניידמעסער,
וואָרום צייטיק איז דער שניט;
קומט טרעט,
וואָרום פול איז דער קעלטער,

די קובלען לויפן איבער;
וואָרום גרויס איז זייער בייז.

14 מחנות, מחנות אין טאָל פון גזר!
וואָרום נאָנט איז דער טאָג פון גאָט אין טאָל פון גזר.
15 די זון און די לבנה ווערן שוואַרץ,
און די שטערן נעמען אַריין זייער שיין.
16 און גאָט וועט ברילן פון צִיון,
און פון ירושָלַיִם וועט ער אַרויסלאָזן זיין קָול,
און שטורעמען וועלן הימל און ערד;
אָבער גאָט וועט זיין אַ באַשיצונג פאַר זיין פאָלק,
און אַ פעסטונג פאַר די קינדער פון ישׂראל.
17 און איר וועט וויסן אַז איך, יהוה אַייער גאָט,
רו אויף צִיון, מיין הייליקן באַרג;
און ירושָלַיִם וועט זיין הייליק,
און פרעמדע וועלן מער ניט דורכגיין אין איר.

18 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועלן די בערג טריפן זאַפט,
און די הייכן וועלן איבערגיין מיט מילך,
און אַלע גראָבנס פון יהודה וועלן איבערגיין מיט
וואַסער.
און אַ קוואַל וועט אַרויסגיין פון גאָטס הויז,
און וועט אָנטרינקען דעם טאָל שִטים.
19 מִצרַיִם וועט אַ וויסטעניש ווערן,

יד הַיְקָבִים כִּי רַבָּה רָעָתָם׃ הֲמוֹנִים הֲמוֹנִים בְּעֵמֶק הֶחָרוּץ
טו כִּי קָרוֹב יוֹם יְהוָה בְּעֵמֶק הֶחָרוּץ׃ שֶׁמֶשׁ וְיָרֵחַ קָדָרוּ
טז וְכוֹכָבִים אָסְפוּ נָגְהָם׃ וַיהוָה מִצִּיּוֹן יִשְׁאָג וּמִירוּשָׁלִַם יִתֵּן
קוֹלוֹ וְרָעֲשׁוּ שָׁמַיִם וָאָרֶץ וַיהוָה מַחֲסֶה לְעַמּוֹ וּמָעוֹז לִבְנֵי
יז יִשְׂרָאֵל׃ וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם שֹׁכֵן בְּצִיּוֹן הַר־
קָדְשִׁי וְהָיְתָה יְרוּשָׁלִַם קֹדֶשׁ וְזָרִים לֹא־יַעַבְרוּ־בָהּ עוֹד׃
יח וְהָיָה בַיּוֹם הַהוּא יִטְּפוּ הֶהָרִים עָסִיס וְהַגְּבָעוֹת
תֵּלַכְנָה חָלָב וְכָל־אֲפִיקֵי יְהוּדָה יֵלְכוּ מָיִם וּמַעְיָן מִבֵּית
יט יְהוָה יֵצֵא וְהִשְׁקָה אֶת־נַחַל הַשִּׁטִּים׃ מִצְרַיִם לִשְׁמָמָה
תִהְיֶה וֶאֱדוֹם לְמִדְבַּר שְׁמָמָה תִּהְיֶה מֵחֲמַס בְּנֵי יְהוּדָה
כ אֲשֶׁר־שָׁפְכוּ דָם־נָקִיא בְּאַרְצָם׃ וִיהוּדָה לְעוֹלָם תֵּשֵׁב
כא וִירוּשָׁלִַם לְדוֹר וָדוֹר׃ וְנִקֵּיתִי דָּמָם לֹא־נִקֵּיתִי וַיהוָה
שֹׁכֵן בְּצִיּוֹן׃

ד, טז׳ קמץ בלא אס״ף ובס״א יִשְׁאַג יט׳ כ״ל

און אֱדום וועט אַ וויסטער מדבר ווערן,
פאַר דעם אומרעכט צו די קינדער פון יהודה,
וואָס זיי האָבן פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט אין זייער לאַנד.
20 אָבער יהודה וועט זיין אייביק באַזעצט,
און ירושָלַיִם אויף דור־דורות.
21 און וואָס איך וועל שענקען, זייער בלוט וועל איך ניט
שענקען;
און גאָט טוט רוען אין צִיון.

# עָמוֹס

א 1 די ווערטער פון עָמוֹסן, וואָס איז געווען פון די
שאָפלייט פון תקוֹעַ; וואָס ער האָט געזען אויף
ישׂראל אין די טעג פון עוזִיָה דעם מלך פון יהודה, און
אין די טעג פון יָרָבעָם דעם זון פון יוֹאָשן, דעם מלך פון
ישׂראל, צוויי יאָר פאַר דער ערדציטערניש.
2 און ער האָט געזאָגט:
גאָט וועט ברילן פון צִיון,
און פון ירושָלַיִם וועט ער אַרויסלאָזן זיין קָול,
און די פיטערפלעצער פון די פאַסטוכער וועלן
טרויערן,
און דער שפיץ כַּרמֶל וועט פאַרטריקנט ווערן.

3 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פאַר דריי פאַרברעכן פון דַמֶשֶׂק,
יאָ, פאַר פיר, וועל איך עס ניט אָפּהאַלטן:
פאַר זייער דרעשן גִלעָד מיט אַייזערנע דרעששליטנס.
4 און איך וועל שיקן אַ פייער אויף דעם הויז פון חֲזָאֵל,

א דִּבְרֵי עָמוֹס אֲשֶׁר־הָיָה בַנֹּקְדִים מִתְּקוֹעַ אֲשֶׁר חָזָה עַל־
יִשְׂרָאֵל בִּימֵי ׀ עֻזִּיָּה מֶלֶךְ־יְהוּדָה וּבִימֵי יָרָבְעָם בֶּן־יוֹאָשׁ
ב מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל שְׁנָתַיִם לִפְנֵי הָרָעַשׁ׃ וַיֹּאמַר ׀ יְהוָה מִצִּיּוֹן
יִשְׁאָג וּמִירוּשָׁלִַם יִתֵּן קוֹלוֹ וְאָבְלוּ נְאוֹת הָרֹעִים וְיָבֵשׁ
ג רֹאשׁ הַכַּרְמֶל׃ כֹּה אָמַר יְהוָה עַל־שְׁלֹשָׁה פִּשְׁעֵי
דַמֶּשֶׂק וְעַל־אַרְבָּעָה לֹא אֲשִׁיבֶנּוּ עַל־דּוּשָׁם בַּחֲרֻצוֹת
ד הַבַּרְזֶל אֶת־הַגִּלְעָד׃ וְשִׁלַּחְתִּי אֵשׁ בְּבֵית חֲזָאֵל וְאָכְלָה

א, ב׳ קמץ מ״ק ובס״א יִשְׁאַג

אַרְמְנ֖וֹת בֶּן־הֲדָֽד׃ ה וְשָֽׁבַרְתִּי֙ בְּרִ֣יחַ דַּמֶּ֔שֶׂק וְהִכְרַתִּ֤י יוֹשֵׁב֙
מִבִּקְעַת־אָ֔וֶן וְתוֹמֵ֥ךְ שֵׁ֖בֶט מִבֵּ֣ית עֶ֑דֶן וְגָל֥וּ עַם־אֲרָ֛ם קִ֖ירָה
אָמַ֥ר יְהוָֽה׃ ו כֹּ֚ה אָמַ֣ר יְהוָ֔ה עַל־שְׁלֹשָׁה֙ פִּשְׁעֵ֣י עַזָּ֔ה
וְעַל־אַרְבָּעָ֖ה לֹ֣א אֲשִׁיבֶ֑נּוּ עַל־הַגְלוֹתָ֛ם גָּל֥וּת שְׁלֵמָ֖ה
לְהַסְגִּ֥יר לֶאֱדֽוֹם׃ ז וְשִׁלַּ֥חְתִּי אֵ֖שׁ בְּחוֹמַ֣ת עַזָּ֑ה וְאָכְלָ֖ה
אַרְמְנֹתֶֽיהָ׃ ח וְהִכְרַתִּ֤י יוֹשֵׁב֙ מֵֽאַשְׁדּ֔וֹד וְתוֹמֵ֥ךְ שֵׁ֖בֶט מֵֽאַשְׁקְל֑וֹן
וַהֲשִׁיב֨וֹתִי יָדִ֜י עַל־עֶקְר֗וֹן וְאָֽבְדוּ֙ שְׁאֵרִ֣ית פְּלִשְׁתִּ֔ים אָמַ֖ר
אֲדֹנָ֥י יְהוִֽה׃ ט כֹּ֚ה אָמַ֣ר יְהוָ֔ה עַל־שְׁלֹשָׁה֙ פִּשְׁעֵי־צֹ֔ר
וְעַל־אַרְבָּעָ֖ה לֹ֣א אֲשִׁיבֶ֑נּוּ עַֽל־הַסְגִּירָ֞ם גָּל֤וּת שְׁלֵמָה֙
לֶֽאֱד֔וֹם וְלֹ֥א זָכְר֖וּ בְּרִ֥ית אַחִֽים׃ י וְשִׁלַּ֥חְתִּי אֵ֖שׁ בְּח֣וֹמַת צֹ֑ר
וְאָכְלָ֖ה אַרְמְנֹתֶֽיהָ׃ יא כֹּ֚ה אָמַ֣ר יְהוָ֔ה עַל־שְׁלֹשָׁה֙
פִּשְׁעֵ֣י אֱד֔וֹם וְעַל־אַרְבָּעָ֖ה לֹ֣א אֲשִׁיבֶ֑נּוּ עַל־רָדְפ֨וֹ בַחֶ֤רֶב
אָחִיו֙ וְשִׁחֵ֣ת רַחֲמָ֔יו וַיִּטְרֹ֤ף לָעַד֙ אַפּ֔וֹ וְעֶבְרָת֖וֹ שְׁמָ֥רָה נֶֽצַח׃
יב וְשִׁלַּ֥חְתִּי אֵ֖שׁ בְּתֵימָ֑ן וְאָכְלָ֖ה אַרְמְנ֥וֹת בָּצְרָֽה׃
יג כֹּ֚ה אָמַ֣ר יְהוָ֔ה עַל־שְׁלֹשָׁה֙ פִּשְׁעֵ֣י בְנֵי־עַמּ֔וֹן וְעַל־אַרְבָּעָ֖ה
לֹ֣א אֲשִׁיבֶ֑נּוּ עַל־בִּקְעָם֙ הָר֣וֹת הַגִּלְעָ֔ד לְמַ֖עַן הַרְחִ֥יב אֶת־
גְּבוּלָֽם׃ יד וְהִצַּ֤תִּי אֵשׁ֙ בְּחוֹמַ֣ת רַבָּ֔ה וְאָכְלָ֖ה אַרְמְנוֹתֶ֑יהָ
בִּתְרוּעָה֙ בְּי֣וֹם מִלְחָמָ֔ה בְּסַ֖עַר בְּי֥וֹם סוּפָֽה׃ טו וְהָלַ֥ךְ מַלְכָּ֖ם
בַּגּוֹלָ֑ה ה֧וּא וְשָׂרָ֛יו יַחְדָּ֖ו אָמַ֥ר יְהוָֽה׃

## ב

א כֹּ֚ה אָמַ֣ר יְהוָ֔ה עַל־שְׁלֹשָׁה֙ פִּשְׁעֵ֣י מוֹאָ֔ב וְעַל־אַרְבָּעָ֖ה לֹ֣א
אֲשִׁיבֶ֑נּוּ עַל־שָׂרְפ֛וֹ עַצְמ֥וֹת מֶֽלֶךְ־אֱד֖וֹם לַשִּֽׂיד׃ ב וְשִׁלַּחְתִּי־
אֵ֣שׁ בְּמוֹאָ֔ב וְאָכְלָ֖ה אַרְמְנ֣וֹת הַקְּרִיּ֑וֹת וּמֵ֤ת בְּשָׁאוֹן֙ מוֹאָ֔ב
בִּתְרוּעָ֖ה בְּק֥וֹל שׁוֹפָֽר׃ ג וְהִכְרַתִּ֥י שׁוֹפֵ֖ט מִקִּרְבָּ֑הּ וְכָל־שָׂרֶ֛יהָ
אֶהֱר֥וֹג עִמּ֖וֹ אָמַ֥ר יְהוָֽה׃ ד כֹּ֚ה אָמַ֣ר יְהוָ֔ה עַל־שְׁלֹשָׁה֙
פִּשְׁעֵ֣י יְהוּדָ֔ה וְעַל־אַרְבָּעָ֖ה לֹ֣א אֲשִׁיבֶ֑נּוּ עַל־מָאֳסָ֞ם אֶת־
תּוֹרַ֣ת יְהוָ֗ה וְחֻקָּיו֙ לֹ֣א שָׁמָ֔רוּ וַיַּתְע֙וּם֙ כִּזְבֵיהֶ֔ם אֲשֶׁר־

א, ח׳ מלעיל ב, ד׳ קמץ בז״ק

און עס וועט פֿאַרצערן די פּאַלאַצן פֿון בֶּן־הֲדַד.
5 און איך וועל צעברעכן דעם ריגל פֿון דַמֶשֶׂק,
און וועל פֿאַרשניידן אַ באַוווינער פֿון בִּקעַת־אָוֶן,
און דעם וואָס האַלט אַ צעפּטער פֿון בֵּית־עֶדֶן;
און דאָס פֿאָלק פֿון אֲרָם וועט אין גלות גיין קיין קיר,
זאָגט גאָט.
6 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פֿאַר דריי פֿאַרברעכן פֿון עַזָה,
יאָ, פֿאַר פֿיר, וועל איך עס ניט אָפּהאַלטן:
פֿאַר זייער פֿאַרטרייבן אַ גאַנצע געפֿאַנגענשאַפֿט,
כּדי איבערצוּענטפֿערן צו אֱדוֹם.
7 און איך וועל שיקן אַ פֿייער אויף דער מויער פֿון עַזָה,
און עס וועט פֿאַרצערן אירע פּאַלאַצן.
8 און איך וועל פֿאַרשניידן אַ באַוווינער פֿון אַשדוד,
און דעם וואָס האַלט אַ צעפּטער פֿון אַשקלון;
און איך וועל קערן מיין האַנט אויף עֶקרוֹן,
און דער איבערבלייב פֿון די פּלִשתּים וועט
אונטערגיין,
זאָגט גאָט דער האַר.
9 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פֿאַר דריי פֿאַרברעכן פֿון צוֹר,
יאָ, פֿאַר פֿיר, וועל איך עס ניט אָפּהאַלטן:
פֿאַרוואָס זיי האָבן איבערגעענטפֿערט אַ גאַנצע געפֿאַנ־
גענשאַפֿט צו אֱדוֹם,
און ניט געדאַכט אָן דעם בונד פֿון ברידער.
10 און איך וועל שיקן אַ פֿייער אויף דער מויער פֿון
צוֹר,
און עס וועט פֿאַרצערן אירע פּאַלאַצן.
11 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פֿאַר דריי פֿאַרברעכן פֿון אֱדוֹם,
יאָ, פֿאַר פֿיר, וועל איך עס ניט אָפּהאַלטן:
פֿאַרוואָס ער האָט נאָכגעיאָגט זיין ברודער מיטן
שווערד,
און דערשטיקט זיין רחמנות,
און זיין כּעס האָט שטענדיק פֿאַרצוקט,
און ער האָט אייביק געהאַלטן זיין גרימצאָרן.
12 און איך וועל שיקן אַ פֿייער אויף תֵּימָן,
און עס וועט פֿאַרצערן די פּאַלאַצן פֿון בָּצרָה.
13 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פֿאַר דריי פֿאַרברעכן פֿון די קינדער פֿון עַמוֹן,
יאָ, פֿאַר פֿיר, וועל איך עס ניט אָפּהאַלטן:
פֿאַר זייער אויפֿשפּאַלטן די טראָגעדיקע פֿון גִלעָד,
כּדי צו דערברייטערן זייער געמאַרק.
14 און איך וועל אָנצינדן אַ פֿייער אויף דער מויער
פֿון רַבָּה,
און עס וועט פֿאַרצערן אירע פּאַלאַצן,
מיט טאַלונג אין טאָג פֿון מלחמה,
מיט שטורעם אין טאָג פֿון געוויטער.
15 און זייער מלך וועט גיין אין גלות,
ער און זיינע האַרן אין איינעם,
זאָגט גאָט.

## ב

1 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פֿאַר דריי פֿאַרברעכן פֿון מוֹאָב,
יאָ, פֿאַר פֿיר, וועל איך עס ניט אָפּהאַלטן:
פֿאַר זיין פֿאַרברענען די ביינער פֿון דעם מלך פֿון אֱדוֹם
אויף קאַלך.
2 און איך וועל שיקן אַ פֿייער אויף מוֹאָב,
און עס וועט פֿאַרצערן די פּאַלאַצן פֿון קריוֹת,
און שטאַרבן מיט געטומל וועט מוֹאָב,
מיט שאַלונג און אַ קול פֿון שופֿר.
3 און איך וועל פֿאַרשניידן אַ ריכטער פֿון איר מיט,
און אַלע אירע האַרן וועל איך הרגען מיט אים,
זאָגט גאָט.
4 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פֿאַר דריי פֿאַרברעכן פֿון יהודה,
יאָ, פֿאַר פֿיר, וועל איך עס ניט אָפּהאַלטן:
פֿאַרוואָס זיי האָבן פֿאַראַכט די תּורה פֿון גאָט,
און זיינע געזעצן ניט געהיט;
און זייערע ליגנס האָבן זיי פֿאַרפֿירט,

די וואָס זייערע עלטערן זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך זיי.
5 און איך וועל שיקן אַ פייער אויף יהודה,
און עס וועט פאַרצערן די פּאַלאַצן פון ירושָלַיִם.

6 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פאַר דריי פאַרברעכן פון ישׂראל,
יאָ, פאַר פיר, וועל איך עס ניט אָפּהאַלטן:
פאַר זייער פאַרקויפן פאַר געלט דעם גערעכטן,
און דעם אביון פאַר אַ פּאָר שיך.
7 זיי, וואָס ווילן אײַנשלינגען דעם שטויב ערד
אויפן קאָפּ פון די אָרימע,
און דעם וועג פון די געדריקטע פאַרדרייען זיי;
און אַ מאַן און זיין פאָטער גייען צו איין מיידל,
כּדי צו פאַרשוועכן מיין הייליקן נאָמען.
8 און אויף פאַרמשכּונטע קליידער
ציען זיי זיך אויס לעבן איטלעכן מזבּח,
און וויין פון באַשטראָפטע
טרינקען זיי אין הויז פון זייער גאָט.
9 און איך האָב פאַרטיליקט פאַר זיי דעם אֶמורי,
וואָס ווי די הייך פון צעדערן איז געווען זיין הייך,
און שטאַרק איז ער געווען ווי אַייכנביימער;
און איך האָב פאַרטיליקט זיין פרוכט פון אויבן,
און זיינע וואָרצלען פון אונטן.
10 און איך האָב אַייך אויפגעבראַכט פון לאַנד מִצרַיִם,
און אַייך געפירט אין דער מדבּר פערציק יאָר,
צו אַרבן דאָס לאַנד פון אֶמורי.
11 און איך האָב אויפגעשטעלט פון אַייערע זין פאַר
גביאים,
און פון אַייערע יונגעלייט פאַר נזירים;
צי איז דאָס ניט אַזוי, קינדער פון ישׂראל?
זאָגט גאָט.
12 אָבער איר האָט געמאַכט טרינקען די נזירים וויין,
און די גביאים האָט איר באַפוילן אַזוי צו זאָגן:
איר זאָלט ניט גביאות זאָגן.
13 זעט, איך דריק אַייך אַרונטער
ווי עס דריקט דער וואָגן פול מיט גאַרבן.
14 און אַנטריגונג וועט פאַרלאָרן זיין פון דעם פלינקן,
און דער שטאַרקער וועט ניט אָנהאַלטן זיין כּוח,
און דער גיבּור וועט ניט ראַטעווען זיין נפש.
15 און דער בויגנהאַלטער וועט ניט באַשטיין,
און דער פלינקער אויף זיינע פיס וועט זיך ניט
ראַטעווען,
און דער רייטער אויף אַ פערד וועט ניט ראַטעווען
זיין נפש
16 און דער שטאַרקהאַרציקער צווישן די גיבּורים
וועט אַ נאַקעטער אַנטלויפן אין יענעם טאָג,
זאָגט גאָט.

ג 1 הערט דאָסדאָזיקע וואָרט וואָס גאָט האָט גערעדט
אויף אַייך, קינדער פון ישׂראל–אויף דער גאַנצער

ה הָלְכוּ אֲבוֹתָם אַחֲרֵיהֶם׃ וְשִׁלַּחְתִּי אֵשׁ בִּיהוּדָה וְאָכְלָה
ו אַרְמְנוֹת יְרוּשָׁלִָם׃ כֹּה אָמַר יְהוָה עַל־שְׁלֹשָׁה
פִּשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל וְעַל־אַרְבָּעָה לֹא אֲשִׁיבֶנּוּ עַל־מִכְרָם בַּכֶּסֶף
ז צַדִּיק וְאֶבְיוֹן בַּעֲבוּר נַעֲלָיִם׃ הַשֹּׁאֲפִים עַל־עֲפַר־אֶרֶץ
בְּרֹאשׁ דַּלִּים וְדֶרֶךְ עֲנָוִים יַטּוּ וְאִישׁ וְאָבִיו יֵלְכוּ אֶל־
ח הַנַּעֲרָה לְמַעַן חַלֵּל אֶת־שֵׁם קָדְשִׁי׃ וְעַל־בְּגָדִים חֲבֻלִים
יַטּוּ אֵצֶל כָּל־מִזְבֵּחַ וְיֵין עֲנוּשִׁים יִשְׁתּוּ בֵּית אֱלֹהֵיהֶם׃
ט וְאָנֹכִי הִשְׁמַדְתִּי אֶת־הָאֱמֹרִי מִפְּנֵיהֶם אֲשֶׁר כְּגֹבַהּ אֲרָזִים
גָּבְהוֹ וְחָסֹן הוּא כָּאַלּוֹנִים וָאַשְׁמִיד פִּרְיוֹ מִמַּעַל וְשָׁרָשָׁיו
י מִתָּחַת׃ וְאָנֹכִי הֶעֱלֵיתִי אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם וָאוֹלֵךְ
אֶתְכֶם בַּמִּדְבָּר אַרְבָּעִים שָׁנָה לָרֶשֶׁת אֶת־אֶרֶץ הָאֱמֹרִי׃
יא וָאָקִים מִבְּנֵיכֶם לִנְבִיאִים וּמִבַּחוּרֵיכֶם לִנְזִרִים הַאַף אֵין־
יב זֹאת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל נְאֻם־יְהוָה׃ וַתַּשְׁקוּ אֶת־הַנְּזִרִים יָיִן
יג וְעַל־הַנְּבִיאִים צִוִּיתֶם לֵאמֹר לֹא תִּנָּבְאוּ׃ הִנֵּה אָנֹכִי מֵעִיק
יד תַּחְתֵּיכֶם כַּאֲשֶׁר תָּעִיק הָעֲגָלָה הַמְלֵאָה לָהּ עָמִיר׃ וְאָבַד
מָנוֹס מִקָּל וְחָזָק לֹא־יְאַמֵּץ כֹּחוֹ וְגִבּוֹר לֹא־יְמַלֵּט נַפְשׁוֹ׃
טו וְתֹפֵשׂ הַקֶּשֶׁת לֹא יַעֲמֹד וְקַל בְּרַגְלָיו לֹא יְמַלֵּט וְרֹכֵב
טז הַסּוּס לֹא יְמַלֵּט נַפְשׁוֹ׃ וְאַמִּיץ לִבּוֹ בַּגִּבּוֹרִים עָרוֹם יָנוּס
בַּיּוֹם־הַהוּא נְאֻם־יְהוָה׃

ג

א שִׁמְעוּ אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה עֲלֵיכֶם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
עַל כָּל־הַמִּשְׁפָּחָה אֲשֶׁר הֶעֱלֵיתִי מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לֵאמֹר׃
ב רַק אֶתְכֶם יָדַעְתִּי מִכֹּל מִשְׁפְּחוֹת הָאֲדָמָה עַל־כֵּן אֶפְקֹד
ג עֲלֵיכֶם אֵת כָּל־עֲוֺנֹתֵיכֶם׃ הֲיֵלְכוּ שְׁנַיִם יַחְדָּו בִּלְתִּי אִם־
ד נוֹעָדוּ׃ הֲיִשְׁאַג אַרְיֵה בַּיַּעַר וְטֶרֶף אֵין לוֹ הֲיִתֵּן כְּפִיר
ה קוֹלוֹ מִמְּעֹנָתוֹ בִּלְתִּי אִם־לָכָד׃ הֲתִפֹּל צִפּוֹר עַל־פַּח
הָאָרֶץ וּמוֹקֵשׁ אֵין לָהּ הֲיַעֲלֶה־פַּח מִן־הָאֲדָמָה וְלָכוֹד לֹא

ב, ו׳ הפטרת וישב  יד׳ קמץ בז״ק

משפּחה וואָס איך האָב אויפגעבראַכט פון לאַנד מִצרַיִם,
אַזוי צו זאָגן:
2 נאָר אַייך האָב איך דערקענט פון אַלע משפּחות פון
דער ערד,
דרום וועל איך זיך רעכענען מיט אַייך פאַר אַלע
אַייערע זינד.

3 גייען צוויי באַנאַנדער,
אַחוץ אַז זיי האָבן אָפּגערעדט?
4 ברילט אַ לייב אין וואַלד,
ווו ער האָט ניט קיין רויב?
לאָזט אַ יונגלייב אַרויס זיין קָול פון זיין נאָרע,
אַחוץ אַז ער האָט עפּעס געכאַפּט?
5 פאַלט אַ פויגל אין פּאַסטקע אויף דער ערד,
ווו זי האָט ניט קיין שטרויכלונג?
שפּרינגט־אויף אַ פּאַסטקע פון דער ערד,
ווו כאַפּן זאָל זי ניט האָבן געכאַפּט?

ו יִלְכּוֹד: אִם־יִתָּקַע שׁוֹפָר בְּעִיר וְעָם לֹא יֶחֱרָדוּ אִם־תִּהְיֶה
ז רָעָה בְּעִיר וַיהוָה לֹא עָשָׂה: כִּי לֹא יַעֲשֶׂה אֲדֹנָי יֱהוִה
ח דָּבָר כִּי אִם־גָּלָה סוֹדוֹ אֶל־עֲבָדָיו הַנְּבִיאִים: אַרְיֵה שָׁאָג
ט מִי לֹא יִירָא אֲדֹנָי יֱהוִה דִּבֶּר מִי לֹא יִנָּבֵא: הַשְׁמִיעוּ
עַל־אַרְמְנוֹת בְּאַשְׁדּוֹד וְעַל־אַרְמְנוֹת בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְאִמְרוּ
הֵאָסְפוּ עַל־הָרֵי שֹׁמְרוֹן וּרְאוּ מְהוּמֹת רַבּוֹת בְּתוֹכָהּ
י וַעֲשׁוּקִים בְּקִרְבָּהּ: וְלֹא־יָדְעוּ עֲשׂוֹת־נְכֹחָה נְאֻם־יְהוָה
יא הָאוֹצְרִים חָמָס וָשֹׁד בְּאַרְמְנוֹתֵיהֶם: לָכֵן כֹּה אָמַר
אֲדֹנָי יֱהוִה צַר וּסְבִיב הָאָרֶץ וְהוֹרִד מִמֵּךְ עֻזֵּךְ וְנָבֹזּוּ
יב אַרְמְנוֹתָיִךְ: כֹּה אָמַר יְהוָה כַּאֲשֶׁר יַצִּיל הָרֹעֶה מִפִּי
הָאֲרִי שְׁתֵּי כְרָעַיִם אוֹ בְדַל־אֹזֶן כֵּן יִנָּצְלוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
יג הַיֹּשְׁבִים בְּשֹׁמְרוֹן בִּפְאַת מִטָּה וּבִדְמֶשֶׁק עָרֶשׂ: שִׁמְעוּ
יד וְהָעִידוּ בְּבֵית יַעֲקֹב נְאֻם־אֲדֹנָי יֱהוִה אֱלֹהֵי הַצְּבָאוֹת: כִּי
בְּיוֹם פָּקְדִי פִשְׁעֵי־יִשְׂרָאֵל עָלָיו וּפָקַדְתִּי עַל־מִזְבְּחוֹת בֵּית־
טו אֵל וְנִגְדְּעוּ קַרְנוֹת הַמִּזְבֵּחַ וְנָפְלוּ לָאָרֶץ: וְהִכֵּיתִי בֵית־
הַחֹרֶף עַל־בֵּית הַקָּיִץ וְאָבְדוּ בָּתֵּי הַשֵּׁן וְסָפוּ בָּתִּים רַבִּים
נְאֻם־יְהוָה:

ד

א שִׁמְעוּ הַדָּבָר הַזֶּה פָּרוֹת הַבָּשָׁן אֲשֶׁר בְּהַר שֹׁמְרוֹן הָעֹשְׁקוֹת
דַּלִּים הָרֹצְצוֹת אֶבְיוֹנִים הָאֹמְרֹת לַאֲדֹנֵיהֶם הָבִיאָה
ב וְנִשְׁתֶּה: נִשְׁבַּע אֲדֹנָי יֱהוִה בְּקָדְשׁוֹ כִּי הִנֵּה יָמִים בָּאִים
עֲלֵיכֶם וְנִשָּׂא אֶתְכֶם בְּצִנּוֹת וְאַחֲרִיתְכֶן בְּסִירוֹת דּוּגָה:
ג וּפְרָצִים תֵּצֶאנָה אִשָּׁה נֶגְדָּהּ וְהִשְׁלַכְתֶּנָה הַהַרְמוֹנָה נְאֻם־
ד יְהוָה: בֹּאוּ בֵית־אֵל וּפִשְׁעוּ הַגִּלְגָּל הַרְבּוּ לִפְשֹׁעַ וְהָבִיאוּ
ה לַבֹּקֶר זִבְחֵיכֶם לִשְׁלֹשֶׁת יָמִים מַעְשְׂרֹתֵיכֶם: וְקַטֵּר
מֵחָמֵץ תּוֹדָה וְקִרְאוּ נְדָבוֹת הַשְׁמִיעוּ כִּי כֵן אֲהַבְתֶּם בְּנֵי
ו יִשְׂרָאֵל נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה: וְגַם־אֲנִי נָתַתִּי לָכֶם נִקְיוֹן

ג, ח׳ קמץ בלא אסף    עד כאן    יב׳ סא בסין

6 צי ווערט אַ שופר געבלאָזן אין שטאָט,
און דאָס פאָלק זאָל ניט ציטערן?
צי געשעט אַן אומגליק אין שטאָט,
ווו גאָט האָט דאָס ניט געטאָן?
7 פאַרוואָר, גאָט דער האַר טוט ניט קיין זאַך,
סײַדן ער האָט אַנטפּלעקט זײַן סוד
צו זײַנע קנעכט די נביאים.
8 אַ לייב האָט געברילט,
ווער זאָל ניט מורא האָבן?
גאָט דער האַר האָט גערעדט,
ווער קען ניט נביאות זאָגן?
9 מאַכט הערן אויף די פּאַלאַצן אין אַשדוד,
און אויף די פּאַלאַצן אין לאַנד מִצרַיִם,
און זאָגט: זאַמלט אײַך אײַן אויף די בערג פון
שומרון,
און זעט די גרויסע מהומות דערין,
און די דריקונגען אין איר מיט.
10 וואָרום זיי ווייסן ניט צו טאָן רעכט, זאָגט גאָט,
זיי וואָס זאַמלען גזלה און רויב אין זייערע פּאַלאַצן.
11 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
אַ פײַנט, און רונד אַרום לאַנד!
און ער וועט נידערן פון דיר דײַן שטאַרקייט,
און דײַנע פּאַלאַצן וועלן צערויבט ווערן.
12 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אַזוי ווי אַ פּאַסטוך איז מציל פון דעם לייבס מויל
אַ פּאָר קני, אָדער אַ לעפּל פון אַן אויער,
אַזוי וועלן די קינדער פון ישׂראל, וואָס זיצן אין שומרון,
זיך מציל זײַן מיט אַ ווינקל פון אַ שלאָפבאַנק,
און מיט אַ פוס פון אַ בעט.

13 הערט און וואָרנט דעם הויז פון יעקב,
זאָגט גאָט יהוה, דער גאָט פון צבָאות.
14 וואָרום אין דעם טאָג וואָס איך רעכן זיך
פאַר די פאַרברעכן פון ישׂראל מיט אים,
וועל איך זיך רעכענען פאַר די מזבחות פון בֵּית־אֵל,
און די הערנער פון מזבח וועלן אָפּגעהאַקט ווערן,
און וועלן אַנידערפאַלן צו דער ערד.
15 און איך וועל שלאָגן דאָס ווינטערהויז מיט דעם זומערהויז,
און די הײַזער פון עלפנבײן וועלן אונטערגיין,
און די גרויסע הײַזער וועלן פאַרלענדט ווערן,
זאָגט גאָט.

ד 1 הערט דאָסדאָזיקע וואָרט, איר בָּשָׁנקי
וואָס אויפן באַרג שומרון,
די וואָס באַרויבן די אָרימע,
וואָס דריקן די אביונים,
וואָס זאָגן צו זייערע האַרן: ברענג מיר זאָלן טרינקען.
2 גאָט דער האַר האָט געשוואָרן בײַ זײַן הייליקייט,
אַז, זע, טעג קומען אויף אײַך,
און מע וועט אײַך אַוועקנעמען מיט האָקן,
און אײַער איבערבלײַב מיט פישערשטאַנגען.
3 און דורך מויערבראָכן וועט איר אַרויסגיין,
איטלעכע אַקעגן זיך,
און איר וועט פאַרלאָזן די פּאַלאַצן,
זאָגט גאָט.

4 קומט קיין בֵּית־אֵל און פאַרברעכט,
קיין גִלגָל, און מערט פאַרברעכן,
און ברענגט צום פרימאָרגן אײַערע שלאַכטאָפּפער,
אויפן דריטן טאָג אײַערע מעשׂרס;
5 און דעמפט פון געזײַערט ברויט דאַנקאָפּפער,
און רופט אויס פרײַוויליקע גאָבן, מאַכט הערן,
וואָרום אַזוי האָט איר ליב,
איר קינדער פון ישׂראל,
זאָגט גאָט דער האַר.

6 און איך אויך האָב אײַך געגעבן
ליידיקע ציין אין אַלע אײַערע שטעט,

שִׁנַּיִם בְּכָל־עָרֵיכֶם וְחֹסֶר לֶחֶם בְּכֹל מְקוֹמֹתֵיכֶם וְלֹא־
ז שַׁבְתֶּם עָדַי נְאֻם־יְהוָה׃ וְגַם אָנֹכִי מָנַעְתִּי מִכֶּם אֶת־הַגֶּשֶׁם
בְּעוֹד שְׁלֹשָׁה חֳדָשִׁים לַקָּצִיר וְהִמְטַרְתִּי עַל־עִיר אֶחָת
וְעַל־עִיר אַחַת לֹא אַמְטִיר חֶלְקָה אַחַת תִּמָּטֵר וְחֶלְקָה
ח אֲשֶׁר־לֹא־תַמְטִיר עָלֶיהָ תִּיבָשׁ׃ וְנָעוּ שְׁתַּיִם שָׁלֹשׁ עָרִים
אֶל־עִיר אַחַת לִשְׁתּוֹת מַיִם וְלֹא יִשְׂבָּעוּ וְלֹא־שַׁבְתֶּם עָדַי
ט נְאֻם־יְהוָה׃ הִכֵּיתִי אֶתְכֶם בַּשִּׁדָּפוֹן וּבַיֵּרָקוֹן הַרְבּוֹת גַּנּוֹתֵיכֶם
וְכַרְמֵיכֶם וּתְאֵנֵיכֶם וְזֵיתֵיכֶם יֹאכַל הַגָּזָם וְלֹא־שַׁבְתֶּם עָדַי
י נְאֻם־יְהוָה׃ שִׁלַּחְתִּי בָכֶם דֶּבֶר בְּדֶרֶךְ מִצְרַיִם הָרַגְתִּי
בַחֶרֶב בַּחוּרֵיכֶם עִם שְׁבִי סוּסֵיכֶם וָאַעֲלֶה בְּאֹשׁ מַחֲנֵיכֶם
יא וּבְאַפְּכֶם וְלֹא־שַׁבְתֶּם עָדַי נְאֻם־יְהוָה׃ הָפַכְתִּי בָכֶם
כְּמַהְפֵּכַת אֱלֹהִים אֶת־סְדֹם וְאֶת־עֲמֹרָה וַתִּהְיוּ כְּאוּד מֻצָּל
יב מִשְּׂרֵפָה וְלֹא־שַׁבְתֶּם עָדַי נְאֻם־יְהוָה׃ לָכֵן כֹּה אֶעֱשֶׂה־
לְּךָ יִשְׂרָאֵל עֵקֶב כִּי־זֹאת אֶעֱשֶׂה־לָּךְ הִכּוֹן לִקְרַאת־אֱלֹהֶיךָ
יג יִשְׂרָאֵל׃ כִּי הִנֵּה יוֹצֵר הָרִים וּבֹרֵא רוּחַ וּמַגִּיד לְאָדָם מַה־
שֵּׂחוֹ עֹשֵׂה שַׁחַר עֵיפָה וְדֹרֵךְ עַל־בָּמֳתֵי אָרֶץ יְהוָה אֱלֹהֵי־
צְבָאוֹת שְׁמוֹ׃

ה

א שִׁמְעוּ אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי נֹשֵׂא עֲלֵיכֶם קִינָה בֵּית
ב יִשְׂרָאֵל׃ נָפְלָה לֹא־תוֹסִיף קוּם בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל נִטְּשָׁה
ג עַל־אַדְמָתָהּ אֵין מְקִימָהּ׃ כִּי כֹה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה
הָעִיר הַיֹּצֵאת אֶלֶף תַּשְׁאִיר מֵאָה וְהַיּוֹצֵאת מֵאָה תַּשְׁאִיר
ד עֲשָׂרָה לְבֵית יִשְׂרָאֵל׃ כִּי כֹה אָמַר יְהוָה לְבֵית
ה יִשְׂרָאֵל דִּרְשׁוּנִי וִחְיוּ׃ וְאַל־תִּדְרְשׁוּ בֵּית־אֵל וְהַגִּלְגָּל לֹא
תָבֹאוּ וּבְאֵר שֶׁבַע לֹא תַעֲבֹרוּ כִּי הַגִּלְגָּל גָּלֹה יִגְלֶה וּבֵית
ו אֵל יִהְיֶה לְאָוֶן׃ דִּרְשׁוּ אֶת־יְהוָה וִחְיוּ פֶּן־יִצְלַח כָּאֵשׁ
ז בֵּית יוֹסֵף וְאָכְלָה וְאֵין־מְכַבֶּה לְבֵית־אֵל׃ הַהֹפְכִים לְלַעֲנָה

---

ו, יג׳ מלרע

און מינערונג פון ברויט אין אַלע אייערע ערטער,
און איר האָט זיך ניט אומגעקערט צו מיר,
זאָגט גאָט.

7 און איך האָב אויך פאַרמיטן פון אייך דעם רעגן,
ווען נאָך דריי חדשים צום שניט,
און איך האָב געלאָזט רעגענען אויף איין שטאָט,
און אויף איין שטאָט פלעג איך ניט לאָזן רעגענען;
איין שטיק פלעגט באַרעגנט ווערן,
און דאָס שטיק וואָס דערויף פלעגט ניט רעגענען,
פלעגט פאַרטריקנט ווערן.

8 און צוויי דריי שטעט האָבן געוואַנדערט צו איין שטאָט,
צו טרינקען וואַסער,
און פלעגן ניט קריגן צו זאַט,
און איר האָט זיך ניט אומגעקערט צו מיר,
זאָגט גאָט.

9 איך האָב אייך געפּלאָגט מיט קאָרנבראַנד און מיט ווערקעניש;
די מערסטע פון אייערע גערטנער און אייערע וויינגערטנער
און אייערע פייגנביימער און אייערע איילבערטביימער
עסט דער היישעריק אויף,
און איר האָט זיך ניט אומגעקערט צו מיר,
זאָגט גאָט.

10 איך האָב אָנגעשיקט אויף אייך אַ פּעסט, אויפן שטייגער פון מִצרַיִם,
איך האָב געהרגעט מיטן שווערד אייערע יונגעלייט,
דערצו געפאַנגענשאַפט פון אייערע פערד.
און איך האָב געלאָזט אויפגיין
דעם געשטאַנק פון אייערע מחנות אין אייער נאָז,
און איר האָט זיך ניט אומגעקערט צו מיר,
זאָגט גאָט.

11 איך האָב איבערגעקערט צווישן אייך,
אַזוי ווי גאָטס איבערקערעניש פון סדום און עֲמוֹרָה,
און איר זייט געבליבן ווי אַ שייט
אַרויסגעריסן פון אַ שׂרפה,
און איר האָט זיך ניט אומגעקערט צו מיר,
זאָגט גאָט.

12 דרום וועל איך אַזוי טאָן צו דיר, ישׂראל:–
ווייל איך וועל דאָסדאָזיקע טאָן צו דיר,
בּרייט זיך אָן אַנטקעגן דיין גאָט, ישׂראל.

13 וואָרום זע, ער פורעמט די בערג, און באַשאַפט דעם ווינט,
און ער זאָגט דעם מענטשן וואָס זיין טראַכטונג איז;
ער מאַכט פון פרימאָרגן פינצטערניש,
און ער טרעט אויף די הייכן פון דער ערד;
יהוה דער גאָט פון צבאות איז זיין נאָמען.

ה 1 הערט דאָסדאָזיקע וואָרט וואָס איך הייב אויף
פאַר אַ קלאָגליד אויף אייך, איר הויז פון ישׂראל:

2 געפאַלן ניט מער אויפצושטיין
איז די יונגפרוי ישׂראל.
זי ליגט אַנידערגעוואָרפן אויף איר ערד,
ניטאָ ווער זאָל זי אויפשטעלן.

3 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
די שטאָט וואָס פלעגט אַרויס מיט טויזנט,
וועט בלייבן ביי הונדערט,
און די וואָס פלעגט אַרויס מיט הונדערט,
וועט בלייבן ביי צען, פון דעם הויז פון ישׂראל.

4 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט צום הויז פון ישׂראל:
זוכט מיך, און לעבט;

5 און איר זאָלט ניט זוכן בֵּית־אֵל,
און קיין גִלגָל זאָלט איר ניט קומען,
און קיין בְּאֵר־שֶׁבַע זאָלט איר ניט אַריבערגיין;
וואָרום גִלגָל וועט אין גלות גיין[א],
און בֵּית־אֵל וועט צו נישט ווערן.

6 זוכט גאָט, און לעבט;
כּדי ער זאָל ניט אויסברעכן ווי אַ פייער אין הויז פון יוסף,
און עס וועט פאַרצערן, אַז קיין לעשער וועט ניט זיין פאַר בֵּית־אֵל;

7 די וואָס פאַרקערן גערעכטיקייט אין ווערמוט,

[א] וואָרטשפּיל: הַגִּלְגָּל גָּלֹה יִגְלֶה.

ח מִשְׁפָּט וּצְדָקָה לָאָרֶץ הִנִּיחוּ׃ עֹשֵׂה כִימָה וּכְסִיל וְהֹפֵךְ
לַבֹּקֶר צַלְמָוֶת וְיוֹם לַיְלָה הֶחְשִׁיךְ הַקּוֹרֵא לְמֵי־הַיָּם
ט וַיִּשְׁפְּכֵם עַל־פְּנֵי הָאָרֶץ יְהוָה שְׁמוֹ׃ הַמַּבְלִיג שֹׁד עַל־עָז
י וְשֹׁד עַל־מִבְצָר יָבוֹא׃ שָׂנְאוּ בַשַּׁעַר מוֹכִיחַ וְדֹבֵר תָּמִים
יא יְתָעֵבוּ׃ לָכֵן יַעַן בּוֹשַׁסְכֶם עַל־דָּל וּמַשְׂאַת־בַּר תִּקְחוּ מִמֶּנּוּ
בָּתֵּי גָזִית בְּנִיתֶם וְלֹא־תֵשְׁבוּ בָם כַּרְמֵי־חֶמֶד נְטַעְתֶּם וְלֹא
יב תִשְׁתּוּ אֶת־יֵינָם׃ כִּי יָדַעְתִּי רַבִּים פִּשְׁעֵיכֶם וַעֲצֻמִים
חַטֹּאתֵיכֶם צֹרְרֵי צַדִּיק לֹקְחֵי כֹפֶר וְאֶבְיוֹנִים בַּשַּׁעַר הִטּוּ׃
יג לָכֵן הַמַּשְׂכִּיל בָּעֵת הַהִיא יִדֹּם כִּי עֵת רָעָה הִיא׃
יד דִּרְשׁוּ־טוֹב וְאַל־רָע לְמַעַן תִּחְיוּ וִיהִי־כֵן יְהוָה אֱלֹהֵי־
טו צְבָאוֹת אִתְּכֶם כַּאֲשֶׁר אֲמַרְתֶּם׃ שִׂנְאוּ־רָע וְאֶהֱבוּ טוֹב
וְהַצִּיגוּ בַשַּׁעַר מִשְׁפָּט אוּלַי יֶחֱנַן יְהוָה אֱלֹהֵי־צְבָאוֹת
טז שְׁאֵרִית יוֹסֵף׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי צְבָאוֹת
אֲדֹנָי בְּכָל־רְחֹבוֹת מִסְפֵּד וּבְכָל־חוּצוֹת יֹאמְרוּ הוֹ־הוֹ
יז וְקָרְאוּ אִכָּר אֶל־אֵבֶל וּמִסְפֵּד אֶל־יוֹדְעֵי נֶהִי׃ וּבְכָל־כְּרָמִים
יח מִסְפֵּד כִּי־אֶעֱבֹר בְּקִרְבְּךָ אָמַר יְהוָה׃ הוֹי הַמִּתְאַוִּים
אֶת־יוֹם יְהוָה לָמָּה־זֶּה לָכֶם יוֹם יְהוָה הוּא־חֹשֶׁךְ וְלֹא־
יט אוֹר׃ כַּאֲשֶׁר יָנוּס אִישׁ מִפְּנֵי הָאֲרִי וּפְגָעוֹ הַדֹּב וּבָא
כ הַבַּיִת וְסָמַךְ יָדוֹ עַל־הַקִּיר וּנְשָׁכוֹ הַנָּחָשׁ׃ הֲלֹא־חֹשֶׁךְ
כא יוֹם יְהוָה וְלֹא־אוֹר וְאָפֵל וְלֹא־נֹגַהּ לוֹ׃ שָׂנֵאתִי מָאַסְתִּי
כב חַגֵּיכֶם וְלֹא אָרִיחַ בְּעַצְּרֹתֵיכֶם׃ כִּי אִם־תַּעֲלוּ־לִי עֹלוֹת
כג וּמִנְחֹתֵיכֶם לֹא אֶרְצֶה וְשֶׁלֶם מְרִיאֵיכֶם לֹא אַבִּיט׃ הָסֵר
כד מֵעָלַי הֲמוֹן שִׁרֶיךָ וְזִמְרַת נְבָלֶיךָ לֹא אֶשְׁמָע׃ וְיִגַּל כַּמַּיִם
כה מִשְׁפָּט וּצְדָקָה כְּנַחַל אֵיתָן׃ הַזְּבָחִים וּמִנְחָה הִגַּשְׁתֶּם־
כו לִי בַמִּדְבָּר אַרְבָּעִים שָׁנָה בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ וּנְשָׂאתֶם אֵת
סִכּוּת מַלְכְּכֶם וְאֵת כִּיּוּן צַלְמֵיכֶם כּוֹכַב אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר
כז עֲשִׂיתֶם לָכֶם׃ וְהִגְלֵיתִי אֶתְכֶם מֵהָלְאָה לְדַמָּשֶׂק אָמַר
יְהוָה אֱלֹהֵי־צְבָאוֹת שְׁמוֹ׃

כז׳ בס״א מלא

און רעכטפאַרטיקייט לייגן זיי צו דער ערד.
8 [א]דעם וואָס מאַכט דעם זיבנשטערן און דעם אָריאָנ־שטערן,
און פאַרקערט טויטשאָטן אין פרימאָרגן,
און פאַרפינצטערט טאָג אין נאַכט;
דעם וואָס רופט די וואַסערן פון ים,
און גיסט זיי אויס אויפן געזיכט פון דער ערד,
יהוה איז זיין נאָמען;
9 דעם וואָס בליצט אַרויס אַ בראָך אויפן שטאַרקן,
און אַ בראָך קומט אויף דער פעסטונג.

10 זיי האָבן פיינט דעם וואָס מוסרט אין טויער,
און דעם וואָס רעדט ערלעך פאַראומווערדיקן זיי.
11 דרום, ווייל איר טרעט אויפן אָרימאַן,
און אָפּגאָב פון תבואה נעמט איר פון אים,
האָט איר הייזער פון געהאַקטע שטיינער געבויט,
און וועט אין זיי ניט וווינען;
האָט איר גלוסטיקע וויינגערטנער געפלאַנצט,
און וועט ניט טרינקען זייער וויין.
12 וואָרום איך ווייס, אַייערע פאַרברעכן זיינען פיל,
און שטאַרק אַייערע זינד,
איר, וואָס דריקט דעם גערעכטן, וואָס נעמט שוחד,
און קריוודעט די אביונים אין טויער.
13 דרום שווייגט דער פאַרשטאַנדיקער אין אַזאַ צייט,
וואָרום אַ בייזע צייט איז דאָס.

14 זוכט גוטס און ניט שלעכטס,
כדי איר זאָלט לעבן,
און יהוה, דער גאָט פון צבָאוֹת, וועט זיין מיט אַייך,
אַזוי ווי איר פאַרלאַנגט.
15 האָט פיינט שלעכטס, און האָט ליב גוטס,
און שטעלט אויף אין טויער גערעכטיקייט,
אפשר וועט יהוה, דער גאָט פון צבָאוֹת,
לייטזעליקן דעם איבערבלייב פון יוסף.

16 פאַרוואָר, אַזוי האָט געזאָגט גאָט,
דער גאָט פון צבָאוֹת, יהוה:
אין אַלע מערק וועט זיין אַ קלאָג,
און אין אַלע גאַסן וועט מען זאָגן: אָי! אָי!
און מע וועט רופן דעם אַקערמאַן צו טרויער,
און צו קלאָג די געניטע אין יאָמערן.
17 און אין אַלע וויינגערטנער וועט זיין אַ קלאָג,
אַז איך וועל דורכגיין צווישן דיר, זאָגט גאָט.
18 וויי, די וואָס באַגערן דעם טאָג פון גאָט!
צוואָס אַייך דען דער טאָג פון גאָט?
ער איז פינצטער און ניט ליכטיק.
19 אַזוי ווי ווען אַ מענטש אַנטלויפט פון אַ לייב,
און אים באַגעגנט אַ בער,
און ער קומט אין הויז,
און לענט זיין האַנט אָן דער וואַנט,
און אַ שלאַנג בייסט אים איין.
20 פאַרוואָר, חושך איז דער טאָג פון גאָט, און ניט ליכטיק,
און פינצטער און אָן אַ שימער אין אים.
21 איך האָב פיינט, איך פאַראַכט אַייערע יָום־טובים,
און איך קען ניט שמעקן אַייערע אַיינזאַמלונגען.

[א] באַציט זיך אויף אָנהייב פסוק 6.

22 אַפילו אַז איר ברענגט מיר אויף בראַנדאָפּפער
און אַייערע שפּייזאָפּפער, באַוויליק איך ניט,
און אַייערע געשטאָפּטע פרידאָפּפער קוק איך ניט אָן.
23 טו אָפּ פון מיר די ברומונג פון דיינע געזאַנגען,
און דאָס שפּיל פון דיינע גיטאַרן לאָמיך ניט הערן.
24 נאָר לאָז קוועלן ווי וואַסער גערעכטיקייט,
און רעכטפאַרטיקייט ווי אַ שטראָם אַ שטאַרקער.
25 האָט איר מיר שלאַכטאָפּפער און שפּייזאָפּפער געבראַכט
אין דער מדבר,
פאַר די פערציק יאָר, איר הויז פון ישׂראל?
26 דרום וועט איר טראָגן סִכּוּת אַייער קיניג,
און כִּיון, אַייערע געצנבילדער,
אַייער שטערנגאָט
וואָס איר האָט אַייך געמאַכט.
27 און איך וועל אַייך פאַרטרייבן פון יענער זייט דַמֶשֶׂק,
זאָגט יהוה—גאָט פון צבָאוֹת איז זיין נאָמען.

ו

א הוֹי הַשַּׁאֲנַנִּים בְּצִיּוֹן וְהַבֹּטְחִים בְּהַר שֹׁמְרוֹן נְקֻבֵי רֵאשִׁית
ב הַגּוֹיִם וּבָאוּ לָהֶם בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ עִבְרוּ כַלְנֵה וּרְאוּ וּלְכוּ
מִשָּׁם חֲמַת רַבָּה וּרְדוּ גַת־פְּלִשְׁתִּים הֲטוֹבִים מִן־הַמַּמְלָכוֹת
ג הָאֵלֶּה אִם־רַב גְּבוּלָם מִגְּבֻלְכֶם׃ הַמְנַדִּים לְיוֹם רָע וַתַּגִּשׁוּן
ד שֶׁבֶת חָמָס׃ הַשֹּׁכְבִים עַל־מִטּוֹת שֵׁן וּסְרֻחִים עַל־עַרְשׂוֹתָם
ה וְאֹכְלִים כָּרִים מִצֹּאן וַעֲגָלִים מִתּוֹךְ מַרְבֵּק׃ הַפֹּרְטִים עַל־
ו פִּי הַנָּבֶל כְּדָוִיד חָשְׁבוּ לָהֶם כְּלֵי־שִׁיר׃ הַשֹּׁתִים בְּמִזְרְקֵי
יַיִן וְרֵאשִׁית שְׁמָנִים יִמְשָׁחוּ וְלֹא נֶחְלוּ עַל־שֵׁבֶר יוֹסֵף׃
ז לָכֵן עַתָּה יִגְלוּ בְּרֹאשׁ גֹּלִים וְסָר מִרְזַח סְרוּחִים׃
ח נִשְׁבַּע אֲדֹנָי יֱהוִֹה בְּנַפְשׁוֹ נְאֻם־יְהוָֹה אֱלֹהֵי צְבָאוֹת מְתָאֵב
אָנֹכִי אֶת־גְּאוֹן יַעֲקֹב וְאַרְמְנֹתָיו שָׂנֵאתִי וְהִסְגַּרְתִּי עִיר
ט וּמְלֹאָהּ׃ וְהָיָה אִם־יִוָּתְרוּ עֲשָׂרָה אֲנָשִׁים בְּבַיִת אֶחָד וָמֵתוּ׃
י וּנְשָׂאוֹ דּוֹדוֹ וּמְסָרְפוֹ לְהוֹצִיא עֲצָמִים מִן־הַבַּיִת וְאָמַר לַאֲשֶׁר
בְּיַרְכְּתֵי הַבַּיִת הַעוֹד עִמָּךְ וְאָמַר אָפֶס וְאָמַר הָס כִּי לֹא
יא לְהַזְכִּיר בְּשֵׁם יְהוָֹה׃ כִּי־הִנֵּה יְהוָֹה מְצַוֶּה וְהִכָּה
יב הַבַּיִת הַגָּדוֹל רְסִיסִים וְהַבַּיִת הַקָּטֹן בְּקִעִים׃ הַיְרֻצוּן בַּסֶּלַע
סוּסִים אִם־יַחֲרוֹשׁ בַּבְּקָרִים כִּי־הֲפַכְתֶּם לְרֹאשׁ מִשְׁפָּט
יג וּפְרִי צְדָקָה לְלַעֲנָה׃ הַשְּׂמֵחִים לְלֹא דָבָר הָאֹמְרִים הֲלוֹא
יד בְחָזְקֵנוּ לָקַחְנוּ לָנוּ קַרְנָיִם׃ כִּי הִנְנִי מֵקִים עֲלֵיכֶם בֵּית
יִשְׂרָאֵל נְאֻם־יְהוָֹה אֱלֹהֵי הַצְּבָאוֹת גּוֹי וְלָחֲצוּ אֶתְכֶם מִלְּבוֹא
חֲמָת עַד־נַחַל הָעֲרָבָה׃

ז

א כֹּה הִרְאַנִי אֲדֹנָי יֱהוִֹה וְהִנֵּה יוֹצֵר גֹּבַי בִּתְחִלַּת עֲלוֹת
ב הַלָּקֶשׁ וְהִנֵּה־לֶקֶשׁ אַחַר גִּזֵּי הַמֶּלֶךְ׃ וְהָיָה אִם־כִּלָּה
לֶאֱכוֹל אֶת־עֵשֶׂב הָאָרֶץ וָאֹמַר אֲדֹנָי יֱהוִֹה סְלַח־נָא מִי
ג יָקוּם יַעֲקֹב כִּי קָטֹן הוּא׃ נִחַם יְהוָֹה עַל־זֹאת לֹא תִהְיֶה

ו, י׳ קמץ בז״ק

ו [1] וויי, די רואיקע אין צִיון,
און די זיכערע אויפן באַרג שוֹמרון,
די באַרופענע פֿער פון די פעלקער,
וואָס צו זיי קומט דאָס הויז פון ישׂראל!
[2] גייט אַריבער קיין כַּלנֵה, און זעט,
און גייט פון דאָרט קיין גרויס־חַמָת,
און נידערט אין גַת פון די פּלִשתּים;
איז זיי בעסער פון דידאָזיקע קיניגרייכן?
צי איז זייער געמאַרק גרעסער פון אַייער געמאַרק?
[3] איר וואָס שטויסט אָפּ דעם בייזן טאָג,
און רוקט צו דעם טראָן פון רויב!
[4] די וואָס ליגן אויף בעטן פון עלפנביין,
און אויסגעצויגן אויף זייערע געלעגערס,
און עסן לעמער פון די שאָף,
און קעלבער פון שטאַל;
[5] די וואָס צימבלען אויף דער גיטאַר—
אַזוי ווי דוד האָבן זיי זיך אויסגעטראַכט כּלֵי־זֶמֶר;
[6] די וואָס טרינקען אין שפּרענגבעקנס וויין,
און מיט די בעסטע איילן זאַלבן זיי זיך,
און קימערן זיך ניט אום דעם בראָך פון יוסף.
[7] דרום וועלן זיי אַצונד פאַרטריבן ווערן
פאַרויס פון אַלע פאַרטריבענע,
און אָפּגעטאָן וועט ווערן
דער ליאַרעם פון די אויסגעצויגענע[א].
[8] גאָט יהוה האָט געשוואָרן בײַ זיך אַליין,
זאָגט יהוה דער גאָט פון צבָאוֹת:
איך פאַראומווערדיק דעם שטאָלץ פון יעקב,
און זיינע פּאַלאַצן האָב איך פיינט געקראָגן.
און איך וועל איבערענטפערן די שטאָט מיט איר פול-
קייט!
[9] און עס וועט זיין, אויב עס וועלן איבערבלייבן צען מענטשן אין איין הויז, וועלן זיי שטאַרבן. [10] און אַז עמיצנס פעטער, און דער וואָס דאַרף אים פאַרברענען, וועט אים אויפהייבן כּדי אַרויסצוטראָגן דאָס געביין פון הויז, וועט ער זאָגן צו דעם וואָס אין ווינקל פון הויז: איז נאָך ווער דאָ מיט דיר? און אַז יענער וועט זאָגן: ניין, ניטאָ; און ער וועט זאָגן: שאַ! וואָרום מע טאָר ניט דאַכטן, ביים נאָמען פון גאָט.

[11] וואָרום זע, גאָט באַפעלט,
און מע וועט צעהאַקן דאָס גרויסע הויז אין שטיקער,
און דאָס קלייגע הויז אויף שפּענדלעך.

[12] לויפן דען פערד איבער אַ פעלז?
צי אַקערט מען אים מיט רינדער?
וואָס איר האָט פאַרקערט גערעכטיקייט אין
ביטערקרויט,
און פרוכט פון רעכטפאַרטיקייט אין ווערמוט;
[13] איר וואָס פרייט זיך אום גאָרנישט,
וואָס זאָגט: פאַרוואָר, מיט אונדזער שטאַרקייט האָבן
מיר זיך גענומען הערנער.

[14] פאַרוואָר, זע, איך שטעל אָן אויף אַייך אַ פאָלק, איר
הויז פון ישׂראל,
זאָגט יהוה, דער גאָט פון צבָאוֹת,
און זיי וועלן אַייך דריקן פון ווו מע קומט קיין חַמָת
ביז דעם טייך פון דעם פּלוין.

ז [1] אַזוי האָט מיר גאָט דער האַר געוויזן: ערשט ער האָט באַשאַפן אַ הײשעריק אין אָנהייב אויפגיין פון דער שפּעט־תּבוּאה, און זע, דאָס איז געווען די שפּעט־תּבוּאה נאָך דעם מלכס שניט. [2] און עס איז געווען, אַז ער האָט געענדיקט אויפעסן דאָס גראָז פון לאַנד, האָב איך געזאָגט:
וויי, גאָט דו האַר, פאַרגיב, איך בעט דיך;
ווי קען באַשטיין יעקב, אַז ער איז אַזוי קליין?
[3] האָט גאָט חרטה געהאַט דערויף; „דאָס וועט ניט געשען", האָט גאָט געזאָגט.

[א] ווערטשפּיל: וְסָר מִרְזַח סְרוּחִים.

ד אָמַר יְהוִה׃ כֹּה הִרְאַנִי אֲדֹנָי יֱהוִה וְהִנֵּה קֹרֵא לָרִב
בָּאֵשׁ אֲדֹנָי יֱהוִה וַתֹּאכַל אֶת־תְּהוֹם רַבָּה וְאָכְלָה אֶת־
ה הַחֵלֶק׃ וָאֹמַר אֲדֹנָי יֱהוִה חֲדַל־נָא מִי יָקוּם יַעֲקֹב כִּי קָטֹן
ו הוּא׃ נִחַם יְהוָה עַל־זֹאת גַּם־הִיא לֹא תִהְיֶה אָמַר אֲדֹנָי
ז יֱהוִה׃ כֹּה הִרְאַנִי וְהִנֵּה אֲדֹנָי נִצָּב עַל־חוֹמַת אֲנָךְ
ח וּבְיָדוֹ אֲנָךְ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי מָה־אַתָּה רֹאֶה עָמוֹס וָאֹמַר
אֲנָךְ וַיֹּאמֶר אֲדֹנָי הִנְנִי שָׂם אֲנָךְ בְּקֶרֶב עַמִּי יִשְׂרָאֵל לֹא־
ט אוֹסִיף עוֹד עֲבוֹר לוֹ׃ וְנָשַׁמּוּ בָּמוֹת יִשְׂחָק וּמִקְדְּשֵׁי יִשְׂרָאֵל
י יֶחֱרָבוּ וְקַמְתִּי עַל־בֵּית יָרָבְעָם בֶּחָרֶב׃ וַיִּשְׁלַח אֲמַצְיָה
כֹּהֵן בֵּית־אֵל אֶל־יָרָבְעָם מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר קָשַׁר עָלֶיךָ
עָמוֹס בְּקֶרֶב בֵּית יִשְׂרָאֵל לֹא־תוּכַל הָאָרֶץ לְהָכִיל אֶת־
יא כָּל־דְּבָרָיו׃ כִּי־כֹה אָמַר עָמוֹס בַּחֶרֶב יָמוּת יָרָבְעָם וְיִשְׂרָאֵל
יב גָּלֹה יִגְלֶה מֵעַל אַדְמָתוֹ׃ וַיֹּאמֶר אֲמַצְיָה אֶל־עָמוֹס
חֹזֶה לֵךְ בְּרַח־לְךָ אֶל־אֶרֶץ יְהוּדָה וֶאֱכָל־שָׁם לֶחֶם וְשָׁם
יג תִּנָּבֵא׃ וּבֵית־אֵל לֹא־תוֹסִיף עוֹד לְהִנָּבֵא כִּי מִקְדַּשׁ־מֶלֶךְ
יד הוּא וּבֵית מַמְלָכָה הוּא׃ וַיַּעַן עָמוֹס וַיֹּאמֶר אֶל־אֲמַצְיָה
לֹא־נָבִיא אָנֹכִי וְלֹא בֶן־נָבִיא אָנֹכִי כִּי־בוֹקֵר אָנֹכִי וּבוֹלֵס
טו שִׁקְמִים׃ וַיִּקָּחֵנִי יְהוָה מֵאַחֲרֵי הַצֹּאן וַיֹּאמֶר אֵלַי יְהוָה לֵךְ
טז הִנָּבֵא אֶל־עַמִּי יִשְׂרָאֵל׃ וְעַתָּה שְׁמַע דְּבַר־יְהוָה אַתָּה אֹמֵר
יז לֹא תִנָּבֵא עַל־יִשְׂרָאֵל וְלֹא תַטִּיף עַל־בֵּית יִשְׂחָק׃ לָכֵן כֹּה־
אָמַר יְהוָה אִשְׁתְּךָ בָּעִיר תִּזְנֶה וּבָנֶיךָ וּבְנֹתֶיךָ בַּחֶרֶב יִפֹּלוּ
וְאַדְמָתְךָ בַּחֶבֶל תְּחֻלָּק וְאַתָּה עַל־אֲדָמָה טְמֵאָה תָּמוּת
וְיִשְׂרָאֵל גָּלֹה יִגְלֶה מֵעַל אַדְמָתוֹ׃

ח

א ב כֹּה הִרְאַנִי אֲדֹנָי יֱהוִה וְהִנֵּה כְּלוּב קָיִץ׃ וַיֹּאמֶר מָה־אַתָּה
רֹאֶה עָמוֹס וָאֹמַר כְּלוּב קָיִץ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי בָּא הַקֵּץ
ג אֶל־עַמִּי יִשְׂרָאֵל לֹא־אוֹסִיף עוֹד עֲבוֹר לוֹ׃ וְהֵילִילוּ שִׁירוֹת
הֵיכָל בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה רַב הַפֶּגֶר בְּכָל־מָקוֹם

4 אַזוי האָט מיר גאָט דער האַר געוויזן: ערשט גאָט דער האַר האָט אויסגערופן אַ קריג דורך פייער, און עס האָט פאַרצערט דעם גרויסן תּהום, און וואָלט פאַרצערט דאָס לאַנד. 5 האָב איך געזאָגט:

גאָט דו האַר, הער אויף, איך בעט דיך;
ווי קען באַשטיין יעקב, אַז ער איז אַזוי קליין?

6 האָט גאָט חרטה געהאַט דערויף; „דאָס אויך וועט ניט געשען‟, האָט גאָט דער האַר געזאָגט.

7 אַזוי האָט ער מיר געוויזן: ערשט גאָט שטייט אויף אַ שנורגלייכער מויער, און אין זיין האַנט איז אַ וואָגשנור. 8 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: וואָס זעסטו, עָמוֹס? האָב איך געזאָגט: אַ וואָגשנור. האָט גאָט געזאָגט:

זע, איך צי אַ וואָגשנור צווישן מיין פאָלק ישׂראל,
איך וועל אים מער ווידער ניט פאַרגעבן.
9 און די בָּמות פון יִשׂחָק וועלן פאַרוויסט ווערן,
און די הייליקטומען פון ישׂראל וועלן חָרב ווערן,
און איך וועל אויפשטיין אויפן הויז פון יָרָבעָם מיטן
שווערד.

10 און אַמַציָה דער כֹּהן פון בֵּית־אֵל האָט געשיקט צו יָרָבעָם דעם מלך פון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: עָמוֹס האָט געמאַכט אַ בונט אויף דיר צווישן די קינדער פון ישׂראל; דאָס לאַנד קען ניט אויסהאַלטן אַלע זיינע רייד. 11 וואָרום עָמוֹס האָט אַזוי געזאָגט:

דורכן שווערד וועט שטאַרבן יָרָבעָם,
און ישׂראל וועט אין גלות אַוועק פון זיין ערד.

13 און אַמַציָה האָט געזאָגט צו עָמוֹסן: זעער, גיי אַנטלויף דיר קיין לאַנד יהודה, און עס דאָרטן ברויט, און דאָרטן זאָלסטו נביאות זאָגן. 13 אָבער אין בֵּית־אֵל זאָלסטו מער ווידער נביאות ניט זאָגן וואָרום עס איז אַ מלכס הייליק־טום, און עס איז אַ הויז פון מלוכה. 14 האָט געענטפערט עָמוֹס און האָט געזאָגט צו אַמַציָהן; ניט קיין נביא בין איך, און ניט קיין זון פון אַ נביא בין איך, נייערט אַ פאַסטוך פון רינדער בין איך, און אַ צוריכטער פון ווילדע פייגן. 15 און גאָט האָט מיך גענומען פון הינטער די שאָף, און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: גיי זאָג נביאות צו מיין פאָלק ישׂראל. 16 און אַצונד הער דאָס וואָרט פון גאָט:

דו זאָגסט: זאָלסט ניט נביאות זאָגן אויף ישׂראל,
און ניט דַרשען אויף דעם הויז פון יִשׂחָק.

17 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט:

דיין ווייב וועט אין שטאָט אַ זונה זיין,
און דיינע זין און דיינע טעכטער וועלן פאַלן דורכן
שווערד,
און דיין ערד וועט מיט אַ שנור צעטיילט ווערן,
און דו וועסט שטאַרבן אויף אומריינער ערד,
און ישׂראל וועט אין גלות אַוועק פון זיין ערד.

ח 1 אַזוי האָט מיר גאָט דער האַר געוויזן: ערשט אַ קאָרב זומעראויבסא. 2 און ער האָט צו מיר געזאָגט: וואָס זעסטו, עָמוֹס? האָב איך געזאָגט: אַ קאָרב זומער־אויבס. האָט גאָט צו מיר געזאָגט:

געקומען איז דער סָוףא אויף מיין פאָלק ישׂראל,
איך וועל אים מער ווידער ניט פאַרגעבן.
3 און יאָמערן וועלן די געזאַנגען פון פּאַלאַץ אין יענעם
טאָג,
זאָגט גאָט דער האַר;
פגרים וועלן זיין פיל,
אין יעטוועדער אָרט וועט זיין אָנגעוואָרפן אַ
שטילקייט.

א וואָרטשפּיל: קַיִץ, זומעראויבס; קֵץ, אַ סוף.

ד הַשְׁלִיךְ הֵם׃ שִׁמְעוּ־זֹאת הַשֹּׁאֲפִים אֶבְיוֹן וְלַשְׁבִּית
ה עֲנִוֵי־אָרֶץ׃ לֵאמֹר מָתַי יַעֲבֹר הַחֹדֶשׁ וְנַשְׁבִּירָה שֶּׁבֶר
וְהַשַּׁבָּת וְנִפְתְּחָה־בָּר לְהַקְטִין אֵיפָה וּלְהַגְדִּיל שֶׁקֶל וּלְעַוֵּת
ו מֹאזְנֵי מִרְמָה׃ לִקְנוֹת בַּכֶּסֶף דַּלִּים וְאֶבְיוֹן בַּעֲבוּר נַעֲלָיִם
ז וּמַפַּל בַּר נַשְׁבִּיר׃ נִשְׁבַּע יְהוָה בִּגְאוֹן יַעֲקֹב אִם־אֶשְׁכַּח
ח לָנֶצַח כָּל־מַעֲשֵׂיהֶם׃ הַעַל זֹאת לֹא־תִרְגַּז הָאָרֶץ וְאָבַל
כָּל־יוֹשֵׁב בָּהּ וְעָלְתָה כָאֹר כֻּלָּהּ וְנִגְרְשָׁה וְנִשְׁקְהָ כִּיאוֹר
ט מִצְרָיִם׃ וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה וְהֵבֵאתִי
י הַשֶּׁמֶשׁ בַּצָּהֳרָיִם וְהַחֲשַׁכְתִּי לָאָרֶץ בְּיוֹם אוֹר׃ וְהָפַכְתִּי
חַגֵּיכֶם לְאֵבֶל וְכָל־שִׁירֵיכֶם לְקִינָה וְהַעֲלֵיתִי עַל־כָּל־מָתְנַיִם
שָׂק וְעַל־כָּל־רֹאשׁ קָרְחָה וְשַׂמְתִּיהָ כְּאֵבֶל יָחִיד וְאַחֲרִיתָהּ
יא כְּיוֹם מָר׃ הִנֵּה ׀ יָמִים בָּאִים נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה וְהִשְׁלַחְתִּי
רָעָב בָּאָרֶץ לֹא־רָעָב לַלֶּחֶם וְלֹא־צָמָא לַמַּיִם כִּי אִם־
יב לִשְׁמֹעַ אֵת דִּבְרֵי יְהוָה׃ וְנָעוּ מִיָּם עַד־יָם וּמִצָּפוֹן וְעַד־
יג מִזְרָח יְשׁוֹטְטוּ לְבַקֵּשׁ אֶת־דְּבַר־יְהוָה וְלֹא יִמְצָאוּ׃ בַּיּוֹם
הַהוּא תִּתְעַלַּפְנָה הַבְּתוּלֹת הַיָּפוֹת וְהַבַּחוּרִים בַּצָּמָא׃
יד הַנִּשְׁבָּעִים בְּאַשְׁמַת שֹׁמְרוֹן וְאָמְרוּ חֵי אֱלֹהֶיךָ דָּן וְחֵי דֶּרֶךְ
בְּאֵר־שָׁבַע וְנָפְלוּ וְלֹא־יָקוּמוּ עוֹד׃

ט

א רָאִיתִי אֶת־אֲדֹנָי נִצָּב עַל־הַמִּזְבֵּחַ וַיֹּאמֶר הַךְ הַכַּפְתּוֹר
וְיִרְעֲשׁוּ הַסִּפִּים וּבְצַעַם בְּרֹאשׁ כֻּלָּם וְאַחֲרִיתָם בַּחֶרֶב
ב אֶהֱרֹג לֹא־יָנוּס לָהֶם נָס וְלֹא־יִמָּלֵט לָהֶם פָּלִיט׃ אִם־
יַחְתְּרוּ בִשְׁאוֹל מִשָּׁם יָדִי תִקָּחֵם וְאִם־יַעֲלוּ הַשָּׁמַיִם מִשָּׁם
ג אוֹרִידֵם׃ וְאִם־יֵחָבְאוּ בְּרֹאשׁ הַכַּרְמֶל מִשָּׁם אֲחַפֵּשׂ
וּלְקַחְתִּים וְאִם־יִסָּתְרוּ מִנֶּגֶד עֵינַי בְּקַרְקַע הַיָּם מִשָּׁם אֲצַוֶּה
ד אֶת־הַנָּחָשׁ וּנְשָׁכָם׃ וְאִם־יֵלְכוּ בַשְּׁבִי לִפְנֵי אֹיְבֵיהֶם מִשָּׁם
אֲצַוֶּה אֶת־הַחֶרֶב וַהֲרָגָתַם וְשַׂמְתִּי עֵינַי עֲלֵיהֶם לְרָעָה

ח, ד׳ ענוי קרי ח׳ ונשקעה קרי

4 הערט דאָס צו, איר וואָס ווילט אײַנשלינגען דעם
אביון,
און פאַרטיליקן די אָרימע פון לאַנד,
5 אַזוי צו זאָגן: ווען וועט אַריבער ראָש־חודש,
אַז מיר זאָלן פאַרקויפן תבואה,
און שבת, אַז מיר זאָלן עפענען קאָרן,
צו פאַרקלענערן די אֵיפָה, און צו פאַרגרעסערן דעם
שֶקל,
און צו פאַרדרייען מיט פאַלשע וואָגשאָלן;
6 כּדי צו קויפן פאַר געלט די אָרימע,
און דעם אביון פאַר אַ פּאָר שיך,
און דעם אָפּפאַל פון קאָרן זאָלן מיר פאַרקויפן.
7 גאָט האָט געשוואָרן בײַ דעם שטאָלץ פון יעקב:
אויב איך וועל אייביק פאַרגעסן אַלע זייערע מעשׂים!
8 זאָל איבער דעם ניט ציטערן די ערד,
און טרויערן איטלעכער וואָס וווינט אויף איר?
יאָ, זי וועט זיך אויפהייבן אין גאַנצן ווי דער טײַך,
און צערודערט ווערן און זיך אַראָפּזעצן ווי דער טײַך
פון מִצרַיִם.
9 און עס וועט זײַן אין יענעם טאָג,
זאָגט גאָט דער האַר,
וועל איך מאַכן אונטערגיין די זון אין מיטן טאָג,
און פֿינצטער מאַכן די ערד אין העלן טאָג.
10 און איך וועל פאַרקערן אײַערע יום־טובים אין טרויער,
און אַלע אײַערע געזאַנגען אין אַ קלאָג,
און איך וועל אַרויפברענגען אויף אַלע לענדן זאַק,
און אויף איטלעכן קאָפּ אַ פּליך,
און איך וועל עס מאַכן ווי דער טרויער נאָך אַן איינ־
איינציקן,
און איר סוף, ווי אַ ביטערן טאָג.
11 זע, טעג קומען, זאָגט גאָט דער האַר,
און איך וועל שיקן אַ הונגער אין לאַנד,
ניט אַ הונגער נאָך ברויט, און ניט אַ דאָרשט נאָך
וואַסער,
נייערט צו הערן די ווערטער פון גאָט.
12 און זיי וועלן וואָגלען פון ים צו ים,
און פון צפון ביז מזרח;
זיי וועלן אומוואַנדערן צו זוכן גאָטס וואָרט,
און זיי וועלן ניט געפינען.
13 אין יענעם טאָג וועלן חלשן די שיינע יונגפרויען
און די בָחורים פון דאָרשט.
14 די וואָס שווערן בײַ דער זינד פון שומרון,
און זאָגן: „אַזוי ווי עס לעבט דײַן גאָט, דָן!"
און: „אַזוי ווי עס לעבט דער וועג פון באֵר־שֶבַע!"
און זיי וועלן פאַלן, און וועלן מער ניט אויפשטיין.

ט

1 איך האָב געזען גאָט שטיין אויפן מזבח, און ער
האָט געזאָגט:
שלאָג די ווײַלנקעפּ, אַז די בײַשטידלעך זאָלן ציטערן,
און צעברעך זיי איבער זייערע אַלעמענס קעפּ;
און זייער איבערבלײַב וועל איך הרגען מיטן שווערד;
ניט אַנטלויפן וועט פון זיי אַן אַנטלאָפענער,
און ניט ראַטעווען וועט זיך פון זיי אַן אַנטרונענער.
2 אַז זיי וועלן זיך פאַרגראָבן אין אונטערערד,
וועט זיי פון דאָרטן אַרויסנעמען מײַן האַנט,
און אַז זיי וועלן אַרויפגיין אין הימל,
וועל איך זיי פון דאָרטן אַראָפּנידערן.
3 און אַז זיי וועלן זיך באַהאַלטן אויפן שפּיץ כַּרמֶל,
וועל איך פון דאָרטן אויפזוכן און זיי צונעמען,
און אַז זיי וועלן זיך פאַרבאָרגן פון פאַר מײַנע אויגן
אויפן גרונט פון ים,
וועל איך דאָרטן באַפעלן דער שלאַנג,
און זי וועט זיי אײַנבײַסן.
4 און אַז זיי וועלן גיין אין געפאַנגענשאַפט פאַר זייערע פײַנט,
וועל איך דאָרטן באַפעלן דער שווערד, און זי וועט זיי
הרגען,
און איך וועל טאָן אויף זיי מײַן אויג
צום בייזן און ניט צום גוטן.

ה וְלֹא לְטוֹבָה׃ וַאדֹנָי יֱהוִה הַצְּבָאוֹת הַנּוֹגֵעַ בָּאָרֶץ וַתָּמוֹג
וְאָבְלוּ כָּל־יוֹשְׁבֵי בָהּ וְעָלְתָה כַיְאֹר כֻּלָּהּ וְשָׁקְעָה כִּיאֹר
ו מִצְרָיִם׃ הַבּוֹנֶה בַשָּׁמַיִם מַעֲלוֹתָו וַאֲגֻדָּתוֹ עַל־אֶרֶץ יְסָדָהּ
הַקֹּרֵא לְמֵי־הַיָּם וַיִּשְׁפְּכֵם עַל־פְּנֵי הָאָרֶץ יְהוָה שְׁמוֹ׃
ז הֲלוֹא כִבְנֵי כֻשִׁיִּים אַתֶּם לִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל נְאֻם־יְהוָה
הֲלוֹא אֶת־יִשְׂרָאֵל הֶעֱלֵיתִי מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם וּפְלִשְׁתִּיִּים
ח מִכַּפְתּוֹר וַאֲרָם מִקִּיר׃ הִנֵּה עֵינֵי ׀ אֲדֹנָי יֱהוִה בַּמַּמְלָכָה
הַחַטָּאָה וְהִשְׁמַדְתִּי אֹתָהּ מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה אֶפֶס כִּי לֹא
ט הַשְׁמֵיד אַשְׁמִיד אֶת־בֵּית יַעֲקֹב נְאֻם־יְהוָה׃ כִּי־הִנֵּה אָנֹכִי
מְצַוֶּה וַהֲנִעוֹתִי בְכָל־הַגּוֹיִם אֶת־בֵּית יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר יִנּוֹעַ
י בַּכְּבָרָה וְלֹא־יִפּוֹל צְרוֹר אָרֶץ׃ בַּחֶרֶב יָמוּתוּ כֹּל חַטָּאֵי
יא עַמִּי הָאֹמְרִים לֹא־תַגִּישׁ וְתַקְדִּים בַּעֲדֵינוּ הָרָעָה׃ בַּיּוֹם
הַהוּא אָקִים אֶת־סֻכַּת דָּוִיד הַנֹּפֶלֶת וְגָדַרְתִּי אֶת־פִּרְצֵיהֶן
יב וַהֲרִסֹתָיו אָקִים וּבְנִיתִיהָ כִּימֵי עוֹלָם׃ לְמַעַן יִירְשׁוּ אֶת־
שְׁאֵרִית אֱדוֹם וְכָל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר־נִקְרָא שְׁמִי עֲלֵיהֶם נְאֻם־
יג יְהוָה עֹשֶׂה זֹּאת׃ הִנֵּה יָמִים בָּאִים נְאֻם־יְהוָה וְנִגַּשׁ
חוֹרֵשׁ בַּקֹּצֵר וְדֹרֵךְ עֲנָבִים בְּמֹשֵׁךְ הַזָּרַע וְהִטִּיפוּ הֶהָרִים
יד עָסִיס וְכָל־הַגְּבָעוֹת תִּתְמוֹגַגְנָה׃ וְשַׁבְתִּי אֶת־שְׁבוּת עַמִּי
יִשְׂרָאֵל וּבָנוּ עָרִים נְשַׁמּוֹת וְיָשָׁבוּ וְנָטְעוּ כְרָמִים וְשָׁתוּ אֶת־
טו יֵינָם וְעָשׂוּ גַנּוֹת וְאָכְלוּ אֶת־פְּרִיהֶם׃ וּנְטַעְתִּים עַל־אַדְמָתָם
וְלֹא יִנָּתְשׁוּ עוֹד מֵעַל אַדְמָתָם אֲשֶׁר נָתַתִּי לָהֶם אָמַר
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃

ו׳ מעלותיו קרי   ז׳ הפטרת אחרי ושל אחרי־קדשים, ושל קדשים לבד כשנדחתה באחרי   ט׳ סבירין ארצה   יד׳ קמץ בז״ק   טו׳ ע״כ

[5] וואָרום גאָט דער האַר פון צבָאוֹת
איז דער וואָס רירט אָן די ערד און זי וואַקלט זיך,
און אַלע וווינער אויף איר טרויערן;
און זי הייבט זיך אויף אין גאַנצן ווי דער טייך,
און זעצט זיך אַראָפּ ווי דער טייך פון מִצרַיִם.
[6] דער וואָס בויט אין הימל זיינע אויבערקאַמערן,
און גרונטפעסט זיין געוועלב אויף דער ערד;
וואָס רופט די וואַסערן פון ים,
און גיסט זיי אויס אויפן געזיכט פון דער ערד;
יהוה איז זיין נאָמען.
[7] פאַרוואָר, אַזוי ווי די קינדער פון כּושים זייט איר מיר,
קינדער פון ישׂראל, זאָגט גאָט.
פאַרוואָר, איך האָב אויפגעבראַכט ישׂראל פון לאַנד מִצרַיִם,
און די פּלשתּים פון כַּפתּוֹר,
און אַרָם פון קיר.
[8] זע, די אויגן פון גאָט דיין האַר
זיינען אויף דעם זינדיקן קיניגרייך,
און איך פאַרטיליק עס פון געזיכט פון דער ערד,
אָבער פאַרטיליקן וועל איך ניט פאַרטיליקן דאָס הויז פון יעקב,
זאָגט גאָט.
[9] וואָרום זע, איך באַפעל און וועל לאָזן שאָקלען
דאָס הויז פון ישׂראל צווישן אַלע פעלקער,
אַזוי ווי עס ווערט געשאָקלט אין אַ זיפּ;
אָבער ניט אַ קערנדל וועט פאַלן צו דער ערד.
[10] דורכן שווערד וועלן שטאַרבן אַלע זינדיקע פון מיין פאָלק,
וואָס זאָגן: ניט גענענען און זיך פעדערן אויף אונדז וועט דאָס בייז.
[11] אין יענעם טאָג וועל איך אויפשטעלן
דאָס איינגעפאַלענעביידל פון דוד,
און איך וועל פאַרמויערן אירע בראָכן,
און זיינע חורבות וועל איך אויפשטעלן,
און וועל עס אויפבויען ווי אין אַמאָליקע טעג;
[12] כּדי עס זאָלן אַרבן דעם איבערבלייב פון אֱדום און אַלע פעלקער
די וואָס מיין נאָמען ווערט גערופן אויף זיי,
זאָגט גאָט, דער וואָס טוט דאָסדאָזיקע.
[13] זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און דער אַקערער וועט זיך אָנשטויסן אָן דעם שניטער,
און דער טרויבנטרעטער אָן דעם זריעה־וואַרפער;
און די בערג וועלן טריפן זאַפט,
און אַלע הייכן וועלן צעגיין.
[14] און איך וועל אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון מיין פאָלק ישׂראל,
און זיי וועלן אָפּבויען פאַרוויסטע שטעט און זיך באַזעצן,
און פלאַנצן וויינגערטנער און טרינקען זייער וויין,
און מאַכן גערטנער און עסן זייער פרוכט.
[15] און איך וועל זיי איינפלאַנצן אויף זייער ערד,
און זיי וועלן מער ניט אויסגעריסן ווערן
פון דער ערד וואָס איך האָב זיי געגעבן,
זאָגט יהוה דיין גאָט.

# עֹובַדְיָה

א חֲזוֹן עֹבַדְיָה כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה לֶאֱדוֹם שְׁמוּעָה שָׁמַעְנוּ
מֵאֵת יְהוָה וְצִיר בַּגּוֹיִם שֻׁלָּח קוּמוּ וְנָקוּמָה עָלֶיהָ
ב לַמִּלְחָמָה׃ הִנֵּה קָטֹן נְתַתִּיךָ בַּגּוֹיִם בָּזוּי אַתָּה מְאֹד׃
ג זְדוֹן לִבְּךָ הִשִּׁיאֶךָ שֹׁכְנִי בְחַגְוֵי־סֶּלַע מְרוֹם שִׁבְתּוֹ אֹמֵר
ד בְּלִבּוֹ מִי יוֹרִדֵנִי אָרֶץ׃ אִם־תַּגְבִּיהַּ כַּנֶּשֶׁר וְאִם־בֵּין כּוֹכָבִים
ה שִׂים קִנֶּךָ מִשָּׁם אוֹרִידְךָ נְאֻם־יְהוָה׃ אִם־גַּנָּבִים בָּאוּ־לְךָ
אִם־שׁוֹדְדֵי לַיְלָה אֵיךְ נִדְמֵיתָה הֲלוֹא יִגְנְבוּ דַּיָּם אִם־
ו בֹּצְרִים בָּאוּ לָךְ הֲלוֹא יַשְׁאִירוּ עֹלֵלוֹת׃ אֵיךְ נֶחְפְּשׂוּ עֵשָׂו
ז נִבְעוּ מַצְפֻּנָיו׃ עַד־הַגְּבוּל שִׁלְּחוּךָ כֹּל אַנְשֵׁי בְרִיתֶךָ
הִשִּׁיאוּךָ יָכְלוּ לְךָ אַנְשֵׁי שְׁלֹמֶךָ לַחְמְךָ יָשִׂימוּ מָזוֹר תַּחְתֶּיךָ
ח אֵין תְּבוּנָה בּוֹ׃ הֲלוֹא בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם־יְהוָה וְהַאֲבַדְתִּי
ט חֲכָמִים מֵאֱדוֹם וּתְבוּנָה מֵהַר עֵשָׂו׃ וְחַתּוּ גִבּוֹרֶיךָ תֵּימָן
י לְמַעַן יִכָּרֶת־אִישׁ מֵהַר עֵשָׂו מִקָּטֶל׃ מֵחֲמַס אָחִיךָ יַעֲקֹב
יא תְּכַסְּךָ בוּשָׁה וְנִכְרַתָּ לְעוֹלָם׃ בְּיוֹם עֲמָדְךָ מִנֶּגֶד בְּיוֹם
שְׁבוֹת זָרִים חֵילוֹ וְנָכְרִים בָּאוּ שְׁעָרָו וְעַל־יְרוּשָׁלִַם יַדּוּ
יב גוֹרָל גַּם־אַתָּה כְּאַחַד מֵהֶם׃ וְאַל־תֵּרֶא בְיוֹם־אָחִיךָ בְּיוֹם
נָכְרוֹ וְאַל־תִּשְׂמַח לִבְנֵי־יְהוּדָה בְּיוֹם אָבְדָם וְאַל־תַּגְדֵּל
יג פִּיךָ בְּיוֹם צָרָה׃ אַל־תָּבוֹא בְשַׁעַר־עַמִּי בְּיוֹם אֵידָם אַל־
תֵּרֶא גַם־אַתָּה בְּרָעָתוֹ בְּיוֹם אֵידוֹ וְאַל־תִּשְׁלַחְנָה בְחֵילוֹ
יד בְּיוֹם אֵידוֹ׃ וְאַל־תַּעֲמֹד עַל־הַפֶּרֶק לְהַכְרִית אֶת־פְּלִיטָיו

א׳ הפטרות וישלח   קמץ בז״ק   יא׳ שערו ק

א 1 די זעאונג פון עוֹבַדְיָהן.
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר אויף אֱדוֹם:
אַ הערונג האָבן מיר געהערט פון גאָט,
און אַ שליח איז געשיקט צווישן די פעלקער:
שטייט אויף, און לאָמיר אויפשטיין אין מלחמה אויף
איר.
2 זע, קליין מאַך איך דיך צווישן די פעלקער,
פאַראַכט זייער ווערסטו.
3 די מוטוויליקייט פון דיין האַרצן האָט דיך פאַרפירט,
דו וואָס רוסט אין די שפּאַלטן פון פעלז,
אין דער הייך פון דיין וואוינונג;
וואָס זאָגסט אין דיין האַרצן:
ווער וועט מיך אַראָפּנידערן צו דער ערד?
4 ווען דו זאָלסט זיך ווי אַן אָדלער דערהייבן,
און ווען דו מאַכסט צווישן שטערן דיין נעסט,
וועל איך פון דאָרטן דיך אַראָפּנידערן,
זאָגט גאָט.
5 אויב גנבים וואָלטן געקומען צו דיר, אויב נאַכט־
רויבער—
ווי ביסטו פאַרשניטן געוואָרן!—
וואָלטן זיי דאָך בלויז גענגבעט גענוג פאַר זיך;
אויב האַרבסטער וואָלטן געקומען צו דיר,
וואָלטן זיי דאָך אַ נאָכקלייב איבערגעלאָזט.
6 ווי איז דורכגעזוכט געוואָרן עֵשָׂו,
אַנטפּלעקט געוואָרן זיינע באַהעלטענישן!
7 ביז צום געמאַרק האָבן זיי דיר באַלייט,
אַלע דיינע בונדסלייט;
דיך פאַרפירט, דיך בייגעקומען
האָבן די גוטע פריינט דיינע.
די וואָס האָבן דיין ברויט געגעסן
האָבן געשטעלט אַ נעץ אונטער דיר.
ניט געווען קיין פאַרשטאַנדיקייט אין אים.
8 פאַרוואָר, אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט,
וועל איך אונטערברענגען די חכמים, פון אֱדוֹם,
און די פאַרשטאַנדיקייט, פון באַרג עֵשָׂו.
9 און דיינע גיבורים, תֵּימָן, וועלן צעבראָכן ווערן,
כּדי איטלעכער זאָל פאַרשניטן ווערן
פון באַרג עֵשָׂו דורך טייטונג.
10 פאַר דעם אומרעכט צו דיין ברודער יעקב
וועט דיך אַ בושה באַדעקן,
און וועסט פאַרשניטן ווערן אויף אייביק.
11 אין דעם טאָג וואָס דו ביסט געשטאַנען פון ווייטן,
אין דעם טאָג וואָס פרעמדע האָבן געפאַנגען זיין
פאַרמעג,
און ווילדפרעמדע זיינען געקומען אין זיינע טויערן,
און אויף ירושָלַיִם גורל געוואָרפן,
ביסטו אויך געווען ווי איינער פון זיי.
12 און דו האָסט ניט געזאָלט צוזען דעם טאָג פון דיין
ברודער,
אין טאָג פון זיין אומגליק,
און ניט געזאָלט זיך פרייען איבער די קינדער פון יהודה,
אין טאָג פון זייער אונטערגאַנג,
און ניט געזאָלט גרייסן דיין מויל,
אין טאָג פון נויט.
13 האָסט ניט געזאָלט קומען אין טויער פון מיין פאָלק,
אין טאָג פון זיין בראָך,
ניט געזאָלט צוזען, דו אויך, זיין אומגליק,
אין טאָג פון זיין בראָך,
און ניט געזאָלט אויסשטרעקן די האַנט אויף זיין פאַרמעג,
אין טאָג פון זיין בראָך.
14 און האָסט ניט געזאָלט שטיין ביים שיידוועג,
צו פאַרשניידן זיינע אַנטרונענע,

וְאַל־תַּסְגֵּר שְׂרִידָיו בְּיוֹם צָרָה׃ כִּי־קָרוֹב יוֹם־יְהוָה עַל־ טו
כָּל־הַגּוֹיִם כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתָ יֵעָשֶׂה לָּךְ גְּמֻלְךָ יָשׁוּב בְּרֹאשֶׁךָ׃
כִּי כַּאֲשֶׁר שְׁתִיתֶם עַל־הַר קָדְשִׁי יִשְׁתּוּ כָל־הַגּוֹיִם תָּמִיד טז
וְשָׁתוּ וְלָעוּ וְהָיוּ כְּלוֹא הָיוּ׃ וּבְהַר צִיּוֹן תִּהְיֶה פְלֵיטָה יז
וְהָיָה קֹדֶשׁ וְיָרְשׁוּ בֵּית יַעֲקֹב אֵת מוֹרָשֵׁיהֶם׃ וְהָיָה בֵית־ יח
יַעֲקֹב אֵשׁ וּבֵית יוֹסֵף לֶהָבָה וּבֵית עֵשָׂו לְקַשׁ וְדָלְקוּ בָהֶם
וַאֲכָלוּם וְלֹא־יִהְיֶה שָׂרִיד לְבֵית עֵשָׂו כִּי יְהוָה דִּבֵּר׃
וְיָרְשׁוּ הַנֶּגֶב אֶת־הַר עֵשָׂו וְהַשְּׁפֵלָה אֶת־פְּלִשְׁתִּים וְיָרְשׁוּ יט
אֶת־שְׂדֵה אֶפְרַיִם וְאֵת שְׂדֵה שֹׁמְרוֹן וּבִנְיָמִן אֶת־הַגִּלְעָד׃
וְגָלֻת הַחֵל־הַזֶּה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־כְּנַעֲנִים עַד־צָרְפַת כ
וְגָלֻת יְרוּשָׁלִַם אֲשֶׁר בִּסְפָרַד יִרְשׁוּ אֵת עָרֵי הַנֶּגֶב׃ וְעָלוּ כא
מוֹשִׁעִים בְּהַר צִיּוֹן לִשְׁפֹּט אֶת־הַר עֵשָׂו וְהָיְתָה לַיהוָה
הַמְּלוּכָה׃

כ׳ הר נפתח כא׳ עד כאן

און ניט געזאָלט איבערענטפערן זיינע געבליבענע,
אין טאָג פון נויט.

15 וואָרום נאָנט איז דער טאָג פון גאָט אויף אַלע פעלקער;
ווי דו האָסט געטאָן, וועט געטאָן ווערן צו דיר,
דיין טוּאונג וועט זיך אומקערן אויף דיין קאָפּ.
16 וואָרום ווי איר האָט געטרונקען אויף מיין הייליקן
באַרג,
וועלן טרינקען אַלע פעלקער תּמיד;
יאָ, זיי וועלן טרינקען און זופן,
און ווערן ווי קיינמאָל ניט געווען.
17 אָבער אויף דעם באַרג ציון וועט זיין אַן אַנטרינונג,
און ער וועט זיין הייליק;
און דאָס הויז פון יעקב וועט אַרבן זייערע אַרבונגען.
18 און דאָס הויז פון יעקב וועט זיין אַ פייער,
און דאָס הויז פון יוֹסף אַ פלאַם,
און דאָס הויז פון עֵשָׂו צו שטרוי,
און זיי וועלן זיי אָנצינדן און זיי פאַרצערן,
און קיין איבערבלייב וועט ניט זיין פון דעם הויז
פון עֵשָׂו;
וואָרום גאָט האָט גערעדט.
19 און די וואָס אין דָרום וועלן אַרבן דעם באַרג עֵשָׂו,
און די וואָס אין דער נידערונג–די פְּלִשתּים;
און זיי וועלן אַרבן דאָס פעלד פון אפרים,
און דאָס פעלד פון שוֹמרוֹן;
און בנימין [וועט אַרבן] גִלעָד.
20 און דידאָזיקע פאַרטריבענע מחנה פון די קינדער פון
ישראל
וואָס צווישן די כּנַעֲנים ביז צָרְפַת,
און די פאַרטריבענע פון ירושָלַיִם וואָס אין ספָרַד,
וועלן אַרבן די שטעט פון דָרום.
21 און העלפער וועלן אַרויפגיין אויפן באַרג צִיוֹן,
צו משפּטן דעם באַרג עֵשָׂו,
און די מלוכה וועט זיין ביי גאָט.

# יוֹנָה

וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה אֶל־יוֹנָה בֶן־אֲמִתַּי לֵאמֹר׃ קוּם לֵךְ [א] ב
אֶל־נִינְוֵה הָעִיר הַגְּדוֹלָה וּקְרָא עָלֶיהָ כִּי־עָלְתָה רָעָתָם
לְפָנָי׃ וַיָּקָם יוֹנָה לִבְרֹחַ תַּרְשִׁישָׁה מִלִּפְנֵי יְהוָה וַיֵּרֶד ג
יָפוֹ וַיִּמְצָא אָנִיָּה ׀ בָּאָה תַרְשִׁישׁ וַיִּתֵּן שְׂכָרָהּ וַיֵּרֶד בָּהּ
לָבוֹא עִמָּהֶם תַּרְשִׁישָׁה מִלִּפְנֵי יְהוָה׃ וַיהוָה הֵטִיל רוּחַ־ ד
גְּדוֹלָה אֶל־הַיָּם וַיְהִי סַעַר־גָּדוֹל בַּיָּם וְהָאֳנִיָּה חִשְּׁבָה
לְהִשָּׁבֵר׃ וַיִּירְאוּ הַמַּלָּחִים וַיִּזְעֲקוּ אִישׁ אֶל־אֱלֹהָיו וַיָּטִלוּ ה

א׳ הפטרה יום כפור למנחה

א 1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו יונה דעם זון פון אַמִתַּין, אַזוי צו זאָגן: 2 שטיי אויף, גיי צו דער גרויסער שטאָט נינוַה, און רוף אויס אויף איר, וואָרום זייער שלעכטיקייט איז אויפגעגאַנגען פאַר מיר.

3 איז יונה אויפגעשטאַנען צו אַנטלויפן קיין תַּרשיש פון פאַר גאָט, און ער האָט גענידערט קיין יָפוֹ, און האָט געפונען אַ שיף וואָס גייט קיין תַּרשיש; האָט ער אָפּגעצאָלט איר לוין, און האָט גענידערט אין איר, כּדי צו גיין מיט זיי קיין תַּרשיש פון פאַר גאָט.

4 האָט גאָט אָנגעוואָרפן אַ גרויסן ווינט אויפן ים, און עס איז געוואָרן אַ גרויסער שטורעם אויפן ים, און די שיף האָט געהאַלטן ביים צעבראָכן ווערן. 5 האָבן די שיפלייט זיך דערשראָקן, און זיי האָבן געשריען איטלעכער צו זיין גאָט, און זיי

אֶת־הַכֵּלִים אֲשֶׁר בָּאֳנִיָּה אֶל־הַיָּם לְהָקֵל מֵעֲלֵיהֶם וְיוֹנָה
ו יָרַד אֶל־יַרְכְּתֵי הַסְּפִינָה וַיִּשְׁכַּב וַיֵּרָדַם׃ וַיִּקְרַב אֵלָיו רַב
הַחֹבֵל וַיֹּאמֶר לוֹ מַה־לְּךָ נִרְדָּם קוּם קְרָא אֶל־אֱלֹהֶיךָ
ז אוּלַי יִתְעַשֵּׁת הָאֱלֹהִים לָנוּ וְלֹא נֹאבֵד׃ וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל־
רֵעֵהוּ לְכוּ וְנַפִּילָה גוֹרָלוֹת וְנֵדְעָה בְּשֶׁלְּמִי הָרָעָה הַזֹּאת
ח לָנוּ וַיַּפִּלוּ גּוֹרָלוֹת וַיִּפֹּל הַגּוֹרָל עַל־יוֹנָה׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו
הַגִּידָה־נָּא לָנוּ בַּאֲשֶׁר לְמִי־הָרָעָה הַזֹּאת לָנוּ מַה־מְּלַאכְתְּךָ
ט וּמֵאַיִן תָּבוֹא מָה אַרְצֶךָ וְאֵי־מִזֶּה עַם אָתָּה׃ וַיֹּאמֶר
אֲלֵיהֶם עִבְרִי אָנֹכִי וְאֶת־יְהוָה אֱלֹהֵי הַשָּׁמַיִם אֲנִי יָרֵא
י אֲשֶׁר־עָשָׂה אֶת־הַיָּם וְאֶת־הַיַּבָּשָׁה׃ וַיִּירְאוּ הָאֲנָשִׁים יִרְאָה
גְדוֹלָה וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו מַה־זֹּאת עָשִׂיתָ כִּי־יָדְעוּ הָאֲנָשִׁים כִּי־
יא מִלִּפְנֵי יְהוָה הוּא בֹרֵחַ כִּי הִגִּיד לָהֶם׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו
מַה־נַּעֲשֶׂה לָּךְ וְיִשְׁתֹּק הַיָּם מֵעָלֵינוּ כִּי הַיָּם הוֹלֵךְ וְסֹעֵר׃
יב וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם שָׂאוּנִי וַהֲטִילֻנִי אֶל־הַיָּם וְיִשְׁתֹּק הַיָּם
מֵעֲלֵיכֶם כִּי יוֹדֵעַ אָנִי כִּי בְשֶׁלִּי הַסַּעַר הַגָּדוֹל הַזֶּה עֲלֵיכֶם׃
יג וַיַּחְתְּרוּ הָאֲנָשִׁים לְהָשִׁיב אֶל־הַיַּבָּשָׁה וְלֹא יָכֹלוּ כִּי הַיָּם
יד הוֹלֵךְ וְסֹעֵר עֲלֵיהֶם׃ וַיִּקְרְאוּ אֶל־יְהוָה וַיֹּאמְרוּ אָנָּה יְהוָה
אַל־נָא נֹאבְדָה בְּנֶפֶשׁ הָאִישׁ הַזֶּה וְאַל־תִּתֵּן עָלֵינוּ דָּם
טו נָקִיא כִּי־אַתָּה יְהוָה כַּאֲשֶׁר חָפַצְתָּ עָשִׂיתָ׃ וַיִּשְׂאוּ
טז אֶת־יוֹנָה וַיְטִלֻהוּ אֶל־הַיָּם וַיַּעֲמֹד הַיָּם מִזַּעְפּוֹ׃ וַיִּירְאוּ
הָאֲנָשִׁים יִרְאָה גְדוֹלָה אֶת־יְהוָה וַיִּזְבְּחוּ־זֶבַח לַיהוָה
וַיִּדְּרוּ נְדָרִים׃

ב

א וַיְמַן יְהוָה דָּג גָּדוֹל לִבְלֹעַ אֶת־יוֹנָה וַיְהִי יוֹנָה בִּמְעֵי
ב הַדָּג שְׁלֹשָׁה יָמִים וּשְׁלֹשָׁה לֵילוֹת׃ וַיִּתְפַּלֵּל יוֹנָה אֶל־
ג יְהוָה אֱלֹהָיו מִמְּעֵי הַדָּגָה׃ וַיֹּאמֶר קָרָאתִי מִצָּרָה לִי
אֶל־יְהוָה וַיַּעֲנֵנִי מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַּעְתִּי שָׁמַעְתָּ קוֹלִי׃

א, יד׳ כצ״ל   יתיר א׳   ב, ג׳ מלעיל

האָבן אַרײַנגעוואָרפֿן די זאַכן וואָס אויפֿן שיף, אים ים, כּדי זיך לײַכטער צו מאַכן. און יונה האָט אַראָפּגענידערט אין ווינקל שיף, און האָט זיך געלייגט און איז אײַנגעשלאָפֿן. 6 האָט דער עלצטער פֿון די שיפֿלײַט גענענט צו אים, און האָט געזאָגט: וואָס איז מיט דיר, וואָס דו שלאָפֿסט? שטיי אויף און רוף צו דײַן גאָט, אפֿשר וועט זיך גאָט באַדאַכטן אָן אונדז, און מיר וועלן ניט אונטערגיין.

7 און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: קומט לאָמיר וואַרפֿן גורל, כּדי מיר זאָלן וויסן איבער וועמען דאָסדאָזיקע בייז איז אויף אונדז. האָבן זיי געוואָרפֿן גורל, און דער גורל איז געפֿאַלן אויף יונהן. 8 האָבן זיי צו אים געזאָגט: זאָג אונדז אַקאָרשט, דו איבער וועמען דאָסדאָזיקע בייז איז אויף אונדז: וואָס איז דײַן טאָן? און פֿון וואַנען קומסטו? וואָס איז דײַן לאַנד? און פֿון וואָסער פֿאָלק ביסטו? 9 האָט ער צו זיי געזאָגט: אַ עִבְרי בין איך, יהוה דעם גאָט פֿון די הימלען טו איך פֿאָרכטן, דעם וואָס האָט געמאַכט דעם ים און די יבשה. 10 האָבן די מענטשן מורא געקראָגן אַ גרויס מורא, און זיי האָבן צו אים געזאָגט: וואָס האָסטו דאָ געטאָן? וואָרום די מענטשן האָבן פֿאַרשטאַנען אַז ער אַנטלויפֿט פֿון גאָט, אַז ער האָט דאָס זיי געזאָגט.

11 האָבן זיי צו אים געזאָגט: וואָס זאָלן מיר טאָן מיט דיר, כּדי דער ים זאָל זיך אײַנשטילן פֿאַר אונדז? וואָרום דער ים איז געוואָרן אַלץ שטורעמדיקער. 12 האָט ער צו זיי געזאָגט: הייבט מיך אויף און וואַרפֿט מיך אַרײַן אין ים, און דער ים וועט זיך אײַנשטילן פֿאַר אײַך; וואָרום איך ווייס אַז איבער מיר איז דערדאָזיקער גרויסער שטורעם אויף אײַך.

13 און די מענטשן האָבן גערודערט זיך אומצוקערן צו דער יבשה, אָבער זיי האָבן ניט געקענט, וואָרום דער ים האָט נאָכאַנאַנד געשטורעמט אַקעגן זיי. 14 האָבן זיי גערופֿן צו גאָט, און האָבן געזאָגט: מיר בעטן דיך, גאָט, לאָמיר ניט אונטערגיין פֿאַר דעם לעבן פֿון דעמדאָזיקן מענטשן, און זאָלסט ניט ברענגען אויף אונדז אומשולדיק בלוט, וואָרום דו גאָט, אַזוי ווי דו באַגערסט טוסטו.

15 און זיי האָבן אויפֿגעהויבן יונהן, און האָבן אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין ים, און דער ים האָט זיך אָפּגעשטעלט פֿון זײַן שטורעמען. 16 און די מענטשן האָבן מורא געהאַט אַ גרויס מורא פֿאַר גאָט און זיי האָבן געשלאַכט אַ שלאַכטאָפּפֿער צו גאָט, און גענומען אויף זיך נדרים.

ב 1 און גאָט האָט אָנגעברייט אַ גרויסן פֿיש אײַנצושלינגען יונהן, און יונה איז געווען אין די אינגעווייד פֿון פֿיש דריי טעג און דריי נעכט. 2 און יונה האָט מתפּלל געווען צו יהוה זײַן גאָט, פֿון די אינגעווייד פֿון דעם פֿיש. 3 און ער האָט געזאָגט:

איך האָב גערופֿן פֿון מײַן נויט צו גאָט,
און ער האָט מיר געענטפֿערט;
פֿון דעם בויך פֿון אונטערערד האָב איך געשריען,
האָסטו צוגעהערט מײַן קָול.

וַתַּשְׁלִיכֵנִי מְצוּלָה בִּלְבַב יַמִּים וְנָהָר יְסֹבְבֵנִי כָּל־מִשְׁבָּרֶיךָ ד
וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ׃ וַאֲנִי אָמַרְתִּי נִגְרַשְׁתִּי מִנֶּגֶד עֵינֶיךָ אַךְ ה
אוֹסִיף לְהַבִּיט אֶל־הֵיכַל קָדְשֶׁךָ׃ אֲפָפוּנִי מַיִם עַד־נֶפֶשׁ ו
תְּהוֹם יְסֹבְבֵנִי סוּף חָבוּשׁ לְרֹאשִׁי׃ לְקִצְבֵי הָרִים יָרַדְתִּי ז
הָאָרֶץ בְּרִחֶיהָ בַעֲדִי לְעוֹלָם וַתַּעַל מִשַּׁחַת חַיַּי יְהוָה
אֱלֹהָי׃ בְּהִתְעַטֵּף עָלַי נַפְשִׁי אֶת־יְהוָה זָכָרְתִּי וַתָּבוֹא ח
אֵלֶיךָ תְּפִלָּתִי אֶל־הֵיכַל קָדְשֶׁךָ׃ מְשַׁמְּרִים הַבְלֵי־שָׁוְא ט
חַסְדָּם יַעֲזֹבוּ׃ וַאֲנִי בְּקוֹל תּוֹדָה אֶזְבְּחָה־לָּךְ אֲשֶׁר נָדַרְתִּי י
אֲשַׁלֵּמָה יְשׁוּעָתָה לַיהוָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה לַדָּג וַיָּקֵא אֶת־ יא
יוֹנָה אֶל־הַיַּבָּשָׁה׃

ג

וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֶל־יוֹנָה שֵׁנִית לֵאמֹר׃ קוּם לֵךְ אֶל־נִינְוֵה א ב
הָעִיר הַגְּדוֹלָה וּקְרָא אֵלֶיהָ אֶת־הַקְּרִיאָה אֲשֶׁר אָנֹכִי
דֹּבֵר אֵלֶיךָ׃ וַיָּקָם יוֹנָה וַיֵּלֶךְ אֶל־נִינְוֵה כִּדְבַר יְהוָה ג
וְנִינְוֵה הָיְתָה עִיר־גְּדוֹלָה לֵאלֹהִים מַהֲלַךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים׃
וַיָּחֶל יוֹנָה לָבוֹא בָעִיר מַהֲלַךְ יוֹם אֶחָד וַיִּקְרָא וַיֹּאמַר ד
עוֹד אַרְבָּעִים יוֹם וְנִינְוֵה נֶהְפָּכֶת׃ וַיַּאֲמִינוּ אַנְשֵׁי נִינְוֵה ה
בֵּאלֹהִים וַיִּקְרְאוּ־צוֹם וַיִּלְבְּשׁוּ שַׂקִּים מִגְּדוֹלָם וְעַד־קְטַנָּם׃
וַיִּגַּע הַדָּבָר אֶל־מֶלֶךְ נִינְוֵה וַיָּקָם מִכִּסְאוֹ וַיַּעֲבֵר אַדַּרְתּוֹ ו
מֵעָלָיו וַיְכַס שַׂק וַיֵּשֶׁב עַל־הָאֵפֶר׃ וַיַּזְעֵק וַיֹּאמֶר בְּנִינְוֵה ז
מִטַּעַם הַמֶּלֶךְ וּגְדֹלָיו לֵאמֹר הָאָדָם וְהַבְּהֵמָה הַבָּקָר
וְהַצֹּאן אַל־יִטְעֲמוּ מְאוּמָה אַל־יִרְעוּ וּמַיִם אַל־יִשְׁתּוּ׃
וְיִתְכַּסּוּ שַׂקִּים הָאָדָם וְהַבְּהֵמָה וְיִקְרְאוּ אֶל־אֱלֹהִים ח
בְּחָזְקָה וְיָשֻׁבוּ אִישׁ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה וּמִן־הֶחָמָס אֲשֶׁר
בְּכַפֵּיהֶם׃ מִי־יוֹדֵעַ יָשׁוּב וְנִחַם הָאֱלֹהִים וְשָׁב מֵחֲרוֹן אַפּוֹ ט
וְלֹא נֹאבֵד׃ וַיַּרְא הָאֱלֹהִים אֶת־מַעֲשֵׂיהֶם כִּי־שָׁבוּ מִדַּרְכָּם י
הָרָעָה וַיִּנָּחֶם הָאֱלֹהִים עַל־הָרָעָה אֲשֶׁר־דִּבֶּר לַעֲשׂוֹת־
לָהֶם וְלֹא עָשָׂה׃

4 וואָרום האָסט מיך אַריינגעוואָרפן אין דער טיפעניש,
אין האַרצן פון די ימען,
און דער שטראָם האָט מיך אַרומגענומען;
אַלע דיינע וועלן און אינדן
זיינען אַריבערגעגאַנגען איבער מיר.
5 און איך האָב געוועסט געזאָגט:
איך בין פאַרטריבן פון פאַר דיינע אויגן;
אָבער איך וועל ווידער נאָך קוקן
אויף דיין הייליקן טעמפּל.
6 וואַסערן האָבן מיך אַרומגערינגלט ביזן נפש,
דער תהום האָט מיך אַרומגענומען,
טייכגראָז איז געווען געוויקלט אַרום מיין קאָפּ.
7 צו די גרונטן פון די בערג האָב איך גענידערט,
די ערד (האָט פאַרשלאָסן) פאַר מיר
אירע ריגלען אויף אייביק.
אָבער דו האָסט אויפגעבראַכט פון גרוב מיין לעבן,
דו יהוה מיין גאָט.
8 ווען מיין זעל איז געווען פאַרחלשט אין מיר,
האָב איך אָן גאָט געדאַכט,
און מיין תפילה איז געקומען צו דיר,
אין דיין הייליקן טעמפּל.
9 די וואָס האַלטן זיך אָן פאַלשע נישטיקייטן
פאַרלאָזן זייער גענאַדיקן;
10 אָבער איך וועל שלאַכטן צו דיר,
מיט אַ קָול פון דאַנקעניש;
וואָס איך האָב אַ נדר געטאָן וועל איך באַצאָלן.
די ישועה איז ביי גאָט.
11 און גאָט האָט געהייסן דעם פיש, און ער האָט אויס־
געשפּיגן יונהן אויף דער יבשה.

ג 1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו יונהן אַ צווייט מאָל, אַזוי צו זאָגן: 2 שטיי אויף, גיי צו דער גרויסער שטאָט נינוה, און רוף אויס צו איר די אויסרופונג וואָס איך רעד צו דיר.

3 איז יונה אויפגעשטאַנען, און ער איז געגאַנגען קיין נינוה, אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט; און נינוה איז געווען אַ געוואַלטיק גרויסע שטאָט פון דריי טעג גאַנג. 4 און יונה האָט אָנגעהויבן אַריינגיין אין שטאָט איין טאָג גאַנג, און ער האָט אויסגערופן און האָט געזאָגט: נאָך פערציק טעג און נינוה ווערט איבערגעקערט.

5 און די מענטשן פון נינוה האָבן געגלויבט אין גאָט, און זיי האָבן אויסגערופן אַ פאַסטטאָג, און האָבן זיך אָנגעטאָן אין זאַק פון זייער גרעסטן ביז זייער קלענסטן. 6 און די זאַך האָט דערגרייכט צום מלך פון נינוה, און ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין טראָן, און האָט אויסגעטאָן זיין מאַנטל פון זיך, און האָט זיך צוגעדעקט מיט זאַק, און זיך געזעצט אויף אַש. 7 און ער האָט געלאָזט אויסרופן און אָנגעזאָגט אין נינוה אויף דעם באַפעל פון דעם מלך און זיינע גרויסע לייט, אַזוי צו זאָגן: קיין מענטש און קיין בהמה, רינדער אָדער שאָף, זאָל ניט פאַרזוכן דאָס מינדסטע; ניט זיי זאָלן זיך פיטערן, און ניט זיי זאָלן טרינקען וואַסער. 8 מענטשן און בהמות זאָלן זיין צוגעדעקט מיט זאַק; און מע זאָל רופן צו גאָט מיט שטאַרקייט, און מע זאָל זיך אומקערן איטלעכער פון זיין שלעכטן וועג, און פון דעם אומרעכט וואָס אין זייערע הענט. 9 ווער ווייס, אפשר ווידער וועט גאָט חרטה האָבן, און זיך אָפּקערן פון זיין גרימצאָרן, און מיר וועלן ניט אונטערגיין.

10 האָט גאָט געזען זייערע מעשים, אַז זיי האָבן זיך אומגעקערט פון זייער שלעכטן וועג, און גאָט האָט חרטה געהאַט אויף דעם בייז וואָס ער האָט גערעדט זיי צו טאָן, און ער האָט עס ניט געטאָן.

ד 1 און יונהן האָט פאַרדראָסן אַ גרויס פאַרדראָס,
און אים האָט געערגערט. 2 און ער האָט מתפלל
געווען צו גאָט, און האָט געזאָגט: איך בעט דיך, גאָט, זײַנען
דאָס ניט געווען מײַנע ווערטער, ווען איך בין נאָך געווען
אויף מײַן ערד? דרום האָב איך זיך געפעדערט צו אַנט־
לויפן קיין תּרשיש, ווײַל איך האָב געוווּסט אַז דו ביסט
אַ לײַטזעליקער און דערבאַרימדיקער גאָט, אײַנגעהאַלטן
אין צאָרן, און רײַך אין גענאָד, און האָסט חרטה אויף דעם
בייז. 3 און אַצונד, גאָט, נעם צו, איך בעט דיך, פון מיר
מײַן נפש, וואָרום בעסער איך זאָל שטאַרבן, אײדער איך
זאָל לעבן.

4 האָט גאָט צו אים געזאָגט: ערגערט דיך גוט?

5 און יונה איז אַרויסגעגאַנגען פון שטאָט, און האָט
זיך געזעצט אין מזרח פון שטאָט, און ער האָט זיך דאָרטן
געמאַכט אַ ביידל, און איז געזעסן אונטער אים אין שאָטן,
ביז ער וועט זען וואָס וועט געשען מיט דער שטאָט. 6 האָט
גאָט דער האַר אָנגעברייט אַ ריצנבוים, און ער איז אויס־
געוואַקסן איבער יונהן צו זײַן אַ שאָטן איבער זײַן קאָפּ,
כּדי אים אַרויסצונעמען פון זײַן בייז געמיט, און יונה האָט
זיך געפרייט מיטן ריצנבוים אַ גרויס פרייד.

7 האָט גאָט אָנגעברייט אַ וואָרעם, ווען דער פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען אויפן אַנדערן טאָג, און ער האָט
צעגאָגט דעם ריצנבוים, און ער איז פאַרטריקנט געוואָרן. 8 און עס איז געווען, ווי די זון איז אויפגעגאַנגען, אַזוי האָט
גאָט אָנגעברייט אַ שטילן מזרח־ווינט, און די זון האָט געשלאָגן אויף יונהס קאָפּ, און ער איז פאַרחלשט געוואָרן, און האָט
געבעטן אויף זיך דעם טויט, און האָט געזאָגט: בעסער איך זאָל שטאַרבן, אײדער איך זאָל לעבן.

9 האָט גאָט געזאָגט צו יונהן: ערגערט דיך גוט וועגן דעם ריצנבוים? האָט ער געזאָגט: מיך ערגערט גוט, ביז צום
טויט. 10 האָט גאָט געזאָגט: דיר איז אַ שאָד אויף דעם ריצנבוים, וואָס ניט דו האָסט זיך אויף אים געמיט, און ניט דו
האָסט אים אויפגעבראַכט; וואָס איז איבער נאַכט געוואָרן, און איבער נאַכט אונטערגעגאַנגען; 11 און מיר זאָל ניט זײַן
אַ שאָד אויף דער גרויסער שטאָט נינוה, וואָס אין איר זײַנען דאָ מער ווי צוועלף מאָל צען טויזנט מענטשן, וואָס ווייסן ניט
צווישן זייער רעכטער האַנט און זייער לינקער, און אויך בהמות אַ סך?

ד

א ב וַיֵּרַע אֶל־יוֹנָה רָעָה גְדוֹלָה וַיִּחַר לוֹ׃ וַיִּתְפַּלֵּל אֶל־יְהוָה
וַיֹּאמַר אָנָּה יְהוָה הֲלוֹא־זֶה דְבָרִי עַד־הֱיוֹתִי עַל־אַדְמָתִי
עַל־כֵּן קִדַּמְתִּי לִבְרֹחַ תַּרְשִׁישָׁה כִּי יָדַעְתִּי כִּי אַתָּה אֵל־
ג חַנּוּן וְרַחוּם אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב־חֶסֶד וְנִחָם עַל־הָרָעָה׃ וְעַתָּה
ד יְהוָה קַח־נָא אֶת־נַפְשִׁי מִמֶּנִּי כִּי טוֹב מוֹתִי מֵחַיָּי׃ וַיֹּאמֶר
ה יְהוָה הַהֵיטֵב חָרָה לָךְ׃ וַיֵּצֵא יוֹנָה מִן־הָעִיר וַיֵּשֶׁב
מִקֶּדֶם לָעִיר וַיַּעַשׂ לוֹ שָׁם סֻכָּה וַיֵּשֶׁב תַּחְתֶּיהָ בַּצֵּל עַד
ו אֲשֶׁר יִרְאֶה מַה־יִּהְיֶה בָּעִיר׃ וַיְמַן יְהוָה אֱלֹהִים קִיקָיוֹן
וַיַּעַל ׀ מֵעַל לְיוֹנָה לִהְיוֹת צֵל עַל־רֹאשׁוֹ לְהַצִּיל לוֹ מֵרָעָתוֹ
ז וַיִּשְׂמַח יוֹנָה עַל־הַקִּיקָיוֹן שִׂמְחָה גְדוֹלָה׃ וַיְמַן הָאֱלֹהִים
תּוֹלַעַת בַּעֲלוֹת הַשַּׁחַר לַמָּחֳרָת וַתַּךְ אֶת־הַקִּיקָיוֹן וַיִּיבָשׁ׃
ח וַיְהִי ׀ כִּזְרֹחַ הַשֶּׁמֶשׁ וַיְמַן אֱלֹהִים רוּחַ קָדִים חֲרִישִׁית
וַתַּךְ הַשֶּׁמֶשׁ עַל־רֹאשׁ יוֹנָה וַיִּתְעַלָּף וַיִּשְׁאַל אֶת־נַפְשׁוֹ
ט לָמוּת וַיֹּאמֶר טוֹב מוֹתִי מֵחַיָּי׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל־יוֹנָה
הַהֵיטֵב חָרָה־לְךָ עַל־הַקִּיקָיוֹן וַיֹּאמֶר הֵיטֵב חָרָה־לִי עַד־
י מָוֶת׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אַתָּה חַסְתָּ עַל־הַקִּיקָיוֹן אֲשֶׁר לֹא־
עָמַלְתָּ בּוֹ וְלֹא גִדַּלְתּוֹ שֶׁבִּן־לַיְלָה הָיָה וּבִן־לַיְלָה אָבָד׃
יא וַאֲנִי לֹא אָחוּס עַל־נִינְוֵה הָעִיר הַגְּדוֹלָה אֲשֶׁר יֶשׁ־בָּהּ
הַרְבֵּה מִשְׁתֵּים־עֶשְׂרֵה רִבּוֹ אָדָם אֲשֶׁר לֹא־יָדַע בֵּין־יְמִינוֹ
לִשְׂמֹאלוֹ וּבְהֵמָה רַבָּה׃

ב׳ כצ״ל   יה׳ הש׳ רפה   עד כאן, ויש מוסיפין מן מיכה ז, יח׳ עד הסוף

# מִיכָה

א דְּבַר־יְהוָה ׀ אֲשֶׁר הָיָה אֶל־מִיכָה הַמֹּרַשְׁתִּי בִּימֵי יוֹתָם
אָחָז יְחִזְקִיָּה מַלְכֵי יְהוּדָה אֲשֶׁר־חָזָה עַל־שֹׁמְרוֹן וִירוּשָׁלִָם׃
ב שִׁמְעוּ עַמִּים כֻּלָּם הַקְשִׁיבִי אֶרֶץ וּמְלֹאָהּ וִיהִי אֲדֹנָי יֱהוִה
ג בָּכֶם לְעֵד אֲדֹנָי מֵהֵיכַל קָדְשׁוֹ׃ כִּי־הִנֵּה יְהוָה יֹצֵא
ד מִמְּקוֹמוֹ וְיָרַד וְדָרַךְ עַל־בָּמֳותֵי־אָרֶץ׃ וְנָמַסּוּ הֶהָרִים
תַּחְתָּיו וְהָעֲמָקִים יִתְבַּקָּעוּ כַּדּוֹנַג מִפְּנֵי הָאֵשׁ כְּמַיִם מֻגָּרִים
ה בְּמוֹרָד׃ בְּפֶשַׁע יַעֲקֹב כָּל־זֹאת וּבְחַטֹּאות בֵּית יִשְׂרָאֵל
מִי־פֶשַׁע יַעֲקֹב הֲלוֹא שֹׁמְרוֹן וּמִי בָּמוֹת יְהוּדָה הֲלוֹא
ו יְרוּשָׁלִָם׃ וְשַׂמְתִּי שֹׁמְרוֹן לְעִי הַשָּׂדֶה לְמַטָּעֵי כָרֶם
ז וְהִגַּרְתִּי לַגַּי אֲבָנֶיהָ וִיסֹדֶיהָ אֲגַלֶּה׃ וְכָל־פְּסִילֶיהָ יֻכַּתּוּ
וְכָל־אֶתְנַנֶּיהָ יִשָּׂרְפוּ בָאֵשׁ וְכָל־עֲצַבֶּיהָ אָשִׂים שְׁמָמָה כִּי
ח מֵאֶתְנַן זוֹנָה קִבָּצָה וְעַד־אֶתְנַן זוֹנָה יָשׁוּבוּ׃ עַל־זֹאת
אֶסְפְּדָה וְאֵילִילָה אֵילְכָה שׁילל וְעָרוֹם אֶעֱשֶׂה מִסְפֵּד
ט כַּתַּנִּים וְאֵבֶל כִּבְנוֹת יַעֲנָה׃ כִּי אֲנוּשָׁה מַכּוֹתֶיהָ כִּי־בָאָה
י עַד־יְהוּדָה נָגַע עַד־שַׁעַר עַמִּי עַד־יְרוּשָׁלִָם׃ בְּגַת אַל־
תַּגִּידוּ בָּכוֹ אַל־תִּבְכּוּ בְּבֵית לְעַפְרָה עָפָר הִתְפַּלָּשְׁתִּי׃
יא עִבְרִי לָכֶם יוֹשֶׁבֶת שָׁפִיר עֶרְיָה־בֹשֶׁת לֹא יָצְאָה יוֹשֶׁבֶת
יב צַאֲנָן מִסְפַּד בֵּית הָאֵצֶל יִקַּח מִכֶּם עֶמְדָּתוֹ׃ כִּי־חָלָה
לְטוֹב יוֹשֶׁבֶת מָרוֹת כִּי־יָרַד רָע מֵאֵת יְהוָה לְשַׁעַר
יג יְרוּשָׁלִָם׃ רְתֹם הַמֶּרְכָּבָה לָרֶכֶשׁ יוֹשֶׁבֶת לָכִישׁ רֵאשִׁית

ג׳ יתיר ו ה׳ מלא ו ז׳ קמץ בז״ק ח׳ מלא יו״ד · שולל קרי
י׳ וי׳ במקום ה׳ והתפלשי קרי

א 1 דאָס וואָרט פון גאָט וואָס איז געווען צו מיכָהן פון מורֶשֶׁת, אין די טעג פון יותָם, אָחָז, יחִזקִיָה, די מלכים פון יהודה, וואָס ער האָט געזען אויף שומרון און ירושָלַיִם.

2 הערט איר פעלקער אַלע,
פאַרנעם דו ערד און איר פולקייט;
און גאָט דער האַר וועט זיין צום עדות קעגן אייך,
גאָט פון זיין הייליקן טעמפל.
3 וואָרום זע, גאָט גייט אַרויס פון זיין אָרט,
און וועט נידערן און טרעטן אויף די הייכן פון דער ערד.
4 און די בערג וועלן צעגיין אונטער אים,
און די טאָלן וועלן זיך שפּאַלטן,
ווי וואַקס פאַרן פייער,
ווי וואַסער אויסגעגאָסן אין אַ נידערונג.
5 איבער דעם פאַרברעך פון יעקב איז דאָס אַלץ,
און איבער די זינד פון דעם הויז פון ישראל.
ווער איז דער פאַרברעך פון יעקב
אויב ניט שומרון?
און ווער די בָמות פון יהודה
אויב ניט ירושָלַיִם?

6 דרום וועל איך מאַכן שומרון פאַר אַ פעלדהויפן,
פאַר פלאַנצונגען פון וויינגערטנער.
און איך וועל שליידערן צום טאָל אירע שטיינער[א],
און אירע גרונטפעסטן וועל איך אַנטפּלעקן.
7 און אַלע אירע געשניצטע געצן
וועלן צעהאַקט ווערן,
און אַלע אירע זונה־לוינען
וועלן פאַרברענט ווערן אין פייער,
און אַלע אירע געצנבילדער
וועל איך מאַכן צו וויסט;
וואָרום פון זונה־לוין האָט זי זיי אויפגעקליבן,
און צו זונה־לוין זאָלן זיי ווידער ווערן.
8 דערויף וועל איך קלאָגן און יאָמערן,
איך וועל אומגיין באָרוועס און נאַקעט,
איך וועל מאַכן אַ קלאָג ווי די שאַקאַלן,
און אַ טרויער ווי שטרויספויגלען.
9 וואָרום שווער זיינען אירע שלעק,
וואָרום עס איז געקומען ביז יהודה,
עס גרייכט ביזן טויער פון מיין פאָלק,
ביז ירושָלַיִם.

10 ניט דערציילן זאָלט איר אין גַת[ב],
וויינען זאָלט איר ניט וויינען;
אין בֵית־לעָפרָה אין שטויב[ג] טו זיך קייקלען.
11 גיי דיר אַוועק, באַוווינערין פון שָפיר,
נאַקעט צו שאַנד;
ניט אַרויסגיין דערוועגט זיך
די באַוווינערין פון צַאֲנָן[ד]
אַ קלאָג איז אין בֵית־אֵצֶל;
מע נעמט פון אייך אָפּ זיין באַשטאַנד.
12 יאָ, געאַנגסט נאָך גוטס האָט די באַוווינערין פון מָרות,
אָבער גענידערט האָט בייז פון גאָט צום טויער פון ירושָלַיִם.
13 שפּאַן דעם רייטוואָגן צו די לויפפערד[ה],
באַוווינערין פון לָכִיש;

[א] וואָרטשפּיל: וְהִגַּרְתִּי לַגַּי.
[ב] וואָרטשפּיל: בְּגַת-תַּגִּידוּ.
[ג] עָפָר, וואָרטשפּיל אויף עַפרָה.
[ד] וואָרטשפּיל: יָצְאָה-צַאֲנָן.
[ה] וואָרטשפּיל: רֶכֶשׁ-לָכִישׁ.

יד חַטָּאת הִיא לְבַת־צִיּוֹן כִּי־בָךְ נִמְצְאוּ פִּשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל׃ לָכֵן
תִּתְּנִי שִׁלּוּחִים עַל מוֹרֶשֶׁת גַּת בָּתֵּי אַכְזִיב לְאַכְזָב לְמַלְכֵי
טו יִשְׂרָאֵל׃ עֹד הַיֹּרֵשׁ אָבִי לָךְ יוֹשֶׁבֶת מָרֵשָׁה עַד־עֲדֻלָּם
טז יָבוֹא כְּבוֹד יִשְׂרָאֵל׃ קָרְחִי וָגֹזִּי עַל־בְּנֵי תַּעֲנוּגָיִךְ הַרְחִבִי
קָרְחָתֵךְ כַּנֶּשֶׁר כִּי גָלוּ מִמֵּךְ׃

## ב

א הוֹי חֹשְׁבֵי־אָוֶן וּפֹעֲלֵי רָע עַל־מִשְׁכְּבוֹתָם בְּאוֹר הַבֹּקֶר
ב יַעֲשׂוּהָ כִּי יֶשׁ־לְאֵל יָדָם׃ וְחָמְדוּ שָׂדוֹת וְגָזָלוּ וּבָתִּים
ג וְנָשָׂאוּ וְעָשְׁקוּ גֶּבֶר וּבֵיתוֹ וְאִישׁ וְנַחֲלָתוֹ׃ לָכֵן כֹּה
אָמַר יְהוָה הִנְנִי חֹשֵׁב עַל־הַמִּשְׁפָּחָה הַזֹּאת רָעָה אֲשֶׁר
לֹא תָמִישׁוּ מִשָּׁם צַוְּארֹתֵיכֶם וְלֹא תֵלְכוּ רוֹמָה כִּי עֵת
ד רָעָה הִיא׃ בַּיּוֹם הַהוּא יִשָּׂא עֲלֵיכֶם מָשָׁל וְנָהָה נְהִי
נִהְיָה אָמַר שָׁדוֹד נְשַׁדֻּנוּ חֵלֶק עַמִּי יָמִיר אֵיךְ יָמִישׁ לִי
ה לְשׁוֹבֵב שָׂדֵינוּ יְחַלֵּק׃ לָכֵן לֹא־יִהְיֶה לְךָ מַשְׁלִיךְ חֶבֶל
ו בְּגוֹרָל בִּקְהַל יְהוָה׃ אַל־תַּטִּפוּ יַטִּיפוּן לֹא־יַטִּפוּ לָאֵלֶּה
ז לֹא יִסַּג כְּלִמּוֹת׃ הֶאָמוּר בֵּית־יַעֲקֹב הֲקָצַר רוּחַ יְהוָה
אִם־אֵלֶּה מַעֲלָלָיו הֲלוֹא דְבָרַי יֵיטִיבוּ עִם הַיָּשָׁר הוֹלֵךְ׃
ח וְאֶתְמוּל עַמִּי לְאוֹיֵב יְקוֹמֵם מִמּוּל שַׂלְמָה אֶדֶר תַּפְשִׁטוּן
ט מֵעֹבְרִים בֶּטַח שׁוּבֵי מִלְחָמָה׃ נְשֵׁי עַמִּי תְּגָרְשׁוּן מִבֵּית
י תַּעֲנֻגֶיהָ מֵעַל עֹלָלֶיהָ תִּקְחוּ הֲדָרִי לְעוֹלָם׃ קוּמוּ וּלְכוּ כִּי
יא לֹא־זֹאת הַמְּנוּחָה בַּעֲבוּר טָמְאָה תְּחַבֵּל וְחֶבֶל נִמְרָץ׃ לוּ־
אִישׁ הֹלֵךְ רוּחַ וָשֶׁקֶר כִּזֵּב אַטִּף לְךָ לַיַּיִן וְלַשֵּׁכָר וְהָיָה
יב מַטִּיף הָעָם הַזֶּה׃ אָסֹף אֶאֱסֹף יַעֲקֹב כֻּלָּךְ קַבֵּץ אֲקַבֵּץ
שְׁאֵרִית יִשְׂרָאֵל יַחַד אֲשִׂימֶנּוּ כְּצֹאן בָּצְרָה כְּעֵדֶר בְּתוֹךְ
יג הַדָּבְרוֹ תְּהִימֶנָה מֵאָדָם׃ עָלָה הַפֹּרֵץ לִפְנֵיהֶם פָּרְצוּ
וַיַּעֲבֹרוּ שַׁעַר וַיֵּצְאוּ בוֹ וַיַּעֲבֹר מַלְכָּם לִפְנֵיהֶם וַיהוָה
בְּרֹאשָׁם׃

---

א, טו׳ חסר א    ב, ב קמץ בז״ק    ס״א איש    ח׳ דמי בשורק

זי איז דער אָנהייב זינד געווען
פאַר דער טאָכטער צִיון;
וואָרום ביי דיר זיינען געפונען געוואָרן
די פאַרברעכן פון ישׂראל.
14 דרום וועסטו געזעגנ־מתנות געבן צו מוֹרֶשֶׁת־גַתּ[א];
די הייזער פון אַכזיב וועלן ווערן צום אָפּנאַר[ב]
פאַר די מלכים פון ישׂראל.
15 איך וועל נאָך ברענגען אַ יורש אויף דיר,
באַוווינערין פון מָרֵשָׁה,
ביז קיין עֲדוּלָם וועט קומען דער כבוד פון ישׂראל.
16 מאַך דיר אַ פּליך און שער דיך אָפּ,
איבער דיינע געצערטלטע קינדער,
מאַך ברייט דיין פּליך ווי דער גייערפויגל,
וואָרום זיי זיינען אין גלות אַוועק פון דיר.

ב

1 וויי צו די וואָס טראַכטן אומרעכט,
און אַרבעטן אויס בייז אויף זייערע געלעגערס!
אין ליכט פון פרימאָרגן פירן זיי עס אויס,
ווייל עס איז אין דער מאַכט פון זייער האַנט.
2 און זיי גלוסטן פעלדער און גזלען,
און הייזער און נעמען צו;
און באַרויבן אַ מאַן מיט זיין הויז,
און אַ מענטשן מיט זיין נחלה.
3 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט:
זע, איך טראַכט אויף דערדאָזיקער משפחה אַ בייז
וואָס איר וועט ניט קענען אָפּטאָן דערפון אייערע
העלדזער,
און איר וועט ניט גיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ,
וואָרום אַ בייזע צייט וועט דאָס זיין.
4 אין יענעם טאָג וועט מען אויפהייבן אויף אייך אַ שפּרוך,
און מע וועט קלאָגן אַ קלאָג פון באַקלאָגעניש,
מע וועט זאָגן: פאַרוויסטן פאַרוויסט זיינען מיר געוואָרן;
דעם טייל פון מיין פאָלק טוט ער בייטן.
ווי טוט ער מיך דערווייטערן!
דעם אַוועקרויבער צעטיילט ער אונדזערע פעלדער.
5 פאַרוואָר, קיינער פון דיר וועט ניט וואַרפן
אַ שנור לויט גורל אין דער עדה פון גאָט.
6 „איר זאָלט ניט דַרשענען!" דַרשענען זיי;
מע דאַרף ניט דַרשענען צו דידאָזיקע,
וועט מען קיין חרפּות ניט קריגן.
7 טו איך זיך דען בייטן, הויז פון יעקב?
צי איז קורץ געוואָרן דאָס געמיט פון גאָט?
זיינען דאָס זיינע טואונגען?
טוען ניט מיינע ווערטער גוטס מיט דעם וואָס גייט גלייך?
8 אָבער מיין פאָלק פון אַנוסטן
שטעלט זיך אויף פאַר אַ פיינט;
פון דעם וואָס קומט אַנטקעגן
ציט איר קלייד און מאַנטל אַראָפּ,
פון רואיקע דורכגייער,
אָפּגענייגטע פון מלחמה.
9 די ווייבער פון מיין פאָלק פאַרטרייבט איר
פון זייער נחתדיקער היים;
פון זייערע עופעלעך נעמט איר אַוועק
מיין צירונג אויף אייביק.
10 שטייט אויף און גייט,
וואָרום ניטאָ דאָ קיין רואונג,
פון וועגן דער טומאה וואָס צעשטערט,
און אַ שטאַרקע צעשטערונג.
11 אַז אַ מאַן וואָס גייט אום מיט ווינט און ליגן, זאָל פעלשן:
„איך וועל דיר דַרשענען פון וויין און פון טרונק",
וואָלט ער ווערן אַ דַרשן ביי דעמדאָזיקן פאָלק.
12 זאַמלען אַיינזאַמלען וועל איך דיך, יעקב, אין גאַנצן,
קלייבן אויפקלייבן וועל איך דעם איבערבלייב
פון ישׂראל.
איך וועל זיי צונויפטאָן אין איינעם ווי שאָף אין געהעפּט,
ווי אַ סטאַדע אין איר פיטערפּלאַץ;
זיי וועלן רוישן מיט מענטשן.
13 דער דורכברעכער גייט אַרויף זיי פאַרויס,
זיי ברעכן דורך און גייען ווייטער,
דורך דעם טויער און אַרויס דורך אים,
און זייער מלך גייט זיי פאַרויס,
און גאָט איז זייער אָנפירער.

[א] ד. ה. זיך געזעגענען מיט.
[ב] לְאַכְזָב, וואָרטשפּיל אויף אַכזיב.

ג

א וָאֹמַר שִׁמְעוּ־נָא רָאשֵׁי יַעֲקֹב וּקְצִינֵי בֵּית יִשְׂרָאֵל הֲלוֹא
ב לָכֶם לָדַעַת אֶת־הַמִּשְׁפָּט׃ שֹׂנְאֵי טוֹב וְאֹהֲבֵי רָעָה גֹּזְלֵי
ג עוֹרָם מֵעֲלֵיהֶם וּשְׁאֵרָם מֵעַל עַצְמוֹתָם׃ וַאֲשֶׁר אָכְלוּ
שְׁאֵר עַמִּי וְעוֹרָם מֵעֲלֵיהֶם הִפְשִׁיטוּ וְאֶת־עַצְמֹתֵיהֶם
ד פִּצֵּחוּ וּפָרְשׂוּ כַּאֲשֶׁר בַּסִּיר וּכְבָשָׂר בְּתוֹךְ קַלָּחַת׃ אָז יִזְעֲקוּ
אֶל־יְהוָה וְלֹא יַעֲנֶה אוֹתָם וְיַסְתֵּר פָּנָיו מֵהֶם בָּעֵת הַהִיא
ה כַּאֲשֶׁר הֵרֵעוּ מַעַלְלֵיהֶם׃ כֹּה אָמַר יְהוָה עַל־
הַנְּבִיאִים הַמַּתְעִים אֶת־עַמִּי הַנֹּשְׁכִים בְּשִׁנֵּיהֶם וְקָרְאוּ
שָׁלוֹם וַאֲשֶׁר לֹא־יִתֵּן עַל־פִּיהֶם וְקִדְּשׁוּ עָלָיו מִלְחָמָה׃
ו לָכֵן לַיְלָה לָכֶם מֵחָזוֹן וְחָשְׁכָה לָכֶם מִקְּסֹם וּבָאָה הַשֶּׁמֶשׁ
ז עַל־הַנְּבִיאִים וְקָדַר עֲלֵיהֶם הַיּוֹם׃ וּבֹשׁוּ הַחֹזִים וְחָפְרוּ
הַקֹּסְמִים וְעָטוּ עַל־שָׂפָם כֻּלָּם כִּי אֵין מַעֲנֵה אֱלֹהִים׃
ח וְאוּלָם אָנֹכִי מָלֵאתִי כֹחַ אֶת־רוּחַ יְהוָה וּמִשְׁפָּט וּגְבוּרָה
ט לְהַגִּיד לְיַעֲקֹב פִּשְׁעוֹ וּלְיִשְׂרָאֵל חַטָּאתוֹ׃ שִׁמְעוּ־נָא
זֹאת רָאשֵׁי בֵּית יַעֲקֹב וּקְצִינֵי בֵּית יִשְׂרָאֵל הַמְתַעֲבִים
י מִשְׁפָּט וְאֵת כָּל־הַיְשָׁרָה יְעַקֵּשׁוּ׃ בֹּנֶה צִיּוֹן בְּדָמִים
יא וִירוּשָׁלִַם בְּעַוְלָה׃ רָאשֶׁיהָ ׀ בְּשֹׁחַד יִשְׁפֹּטוּ וְכֹהֲנֶיהָ
בִּמְחִיר יוֹרוּ וּנְבִיאֶיהָ בְּכֶסֶף יִקְסֹמוּ וְעַל־יְהוָה יִשָּׁעֵנוּ
יב לֵאמֹר הֲלוֹא יְהוָה בְּקִרְבֵּנוּ לֹא־תָבוֹא עָלֵינוּ רָעָה׃ ׳ לָכֵן
בִּגְלַלְכֶם צִיּוֹן שָׂדֶה תֵחָרֵשׁ וִירוּשָׁלִַם עִיִּין תִּהְיֶה וְהַר
הַבַּיִת לְבָמוֹת יָעַר׃

ד

א וְהָיָה ׀ בְּאַחֲרִית הַיָּמִים יִהְיֶה הַר בֵּית־יְהוָה נָכוֹן בְּרֹאשׁ
ב הֶהָרִים וְנִשָּׂא הוּא מִגְּבָעוֹת וְנָהֲרוּ עָלָיו עַמִּים׃ וְהָלְכוּ
גּוֹיִם רַבִּים וְאָמְרוּ לְכוּ ׀ וְנַעֲלֶה אֶל־הַר־יְהוָה וְאֶל־בֵּית
אֱלֹהֵי יַעֲקֹב וְיוֹרֵנוּ מִדְּרָכָיו וְנֵלְכָה בְּאֹרְחֹתָיו כִּי מִצִּיּוֹן

ג, ב׳ רע קרי   יב׳ חצי הספר בפסוקים

ג 1 און איך האָב געזאָגט:
הערט אַקאָרשט צו, איר קעפּ פון יעקב,
און פירער פון הויז פון ישׂראל;
ליגט ניט אויף אײַך צו וויסן גערעכטיקייט?
2 איר וואָס האָט פיינט גוטס און האָט ליב שלעכטס,
וואָס גזלט זייער הויט פון זיי,
און זייער פלייש פון זייערע ביינער;
3 און וואָס האָט געגעסן דאָס פלייש פון מיין פאָלק,
און זייער הויט פון זיי אָפּגעשונדן,
און זייערע ביינער צעבראָכן,
און צעהאַקט אַזוי ווי אין אַ טאָפּ,
און ווי פלייש אין אַ קעסל.
4 דרום וועלן זיי שרייען צו גאָט,
און ער וועט זיי ניט ענטפערן;
און ער וועט פאַרבאָרגן זיין פּנים פון זיי אין יענער צייט,
אַזוי ווי זיי האָבן שלעכטס געטאָן אין זייערע מעשׂים.

5 אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויף די נביאים וואָס פאַרפירן מיין פאָלק,
וואָס שרייען: „שלום!" ווען זייערע ציין האָבן צו בייסן,
און דער וואָס גיט זיי ניט אין מויל
ברייטן זיי אָן אויף אים אַ מלחמה.
6 דרום וועט אײַך זיין נאַכט, אָן אַ זעאונג,
און אײַך וועט זיין פינצטער, אָן וואָרזאָגן,
און אונטערגיין וועט די זון אויף די נביאים,
און שוואַרץ ווערן וועט דער טאָג אויף זיי.
7 און די זעער וועלן זיין צו שאַנד,
און די וואָרזאָגער וועלן זיך שעמען,
און זיי וועלן אַלע פאַרדעקן זייערע אויבערשטע ליפּ,
ווייל קיין ענטפער פון גאָט וועט ניט זיין.
8 אָבער פאַרוואָר, איך בין פול מיט כּוח דורך דעם גייסט פון גאָט,
און מיט גערעכטיקייט און גבורה,
צו זאָגן יעקבן זיין פאַרברעך,
און ישׂראלן זיין זינד.

9 הערט דאָס צו אַקאָרשט, איר קעפּ פון דעם הויז פון יעקב,
און פירער פון הויז פון ישׂראל,
וואָס פאַראומווערדיקט גערעכטיקייט,
און פאַרדרייט אַלץ וואָס איז גלייך;
10 מע בויט ציון מיט בלוט,
און ירושלים מיט אומרעכט.
11 אירע קעפּ משפּטן פאַר שוחד,
און אירע כּהנים לערנען פאַר געצאָלט,
און אירע נביאים וואָרזאָגן פאַר געלט.
און זיי לענען זיך אויף גאָט, אַזוי צו זאָגן:
פאַרוואָר, גאָט איז צווישן אונדז,
אויף אונדז וועט ניט קומען קיין בייז.
12 דרום וועט איבער אײַך ציון ווי אַ פעלד צעאַקערט ווערן,
און ירושלים וועט ווערן הויפנס,
און דער באַרג פון [גאָטס] הויז–וואַלדיקע הייכן.

ד 1 און עס וועט זיין אין סוף פון די טעג,
וועט שטיין פעסט דער באַרג פון גאָטס הויז,
אויבנאָן פון די בערג,
און ער וועט זיין דערהויבן איבער די הייכן;
און אומות וועלן צו אים שטראָמען.
2 און פיל פעלקער וועלן גיין און וועלן זאָגן:
קומט און לאָמיר אַרויפגיין צום באַרג פון יהוה,
און צום הויז פון דעם גאָט פון יעקב,
און ער וועט אונדז לערנען פון זיינע וועגן,
און מיר וועלן גיין אין זיינע שטעגן;
וואָרום פון ציון וועט אַרויסגיין אַ תּורה,

און גאָטס וואָרט פון ירושלים.
3 און ער וועט משפּטן צווישן פיל אומות,
און אַנטשיידן איבער מאַכטיקע פעלקער
ביז אין דער ווייט;
און זיי וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אַקער־
אייזנס,
און זייערע שפּיזן אויף צווייגמעסערס;
אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט הייבן אַ שווערד,
און מע וועט ניט מער לערנען מלחמה.
4 און זיי וועלן זיצן איטלעכער
אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים,
און קיינער וועט ניט שרעקן;
וואָרום דאָס מויל פון גאָט פון צבאות האָט גערעדט.

5 וואָרום אַלע פעלקער מעגן גיין
איטלעכס אין נאָמען פון זיין גאָט,
אָבער מיר וועלן גיין אין נאָמען פון יהוה
אונדזער גאָט אויף אייביק און שטענדיק.

6 אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט,
וועל איך אײַנזאַמלען די וואָס הינקט,
און צונויפקלייבן די וואָס איז פאַרשטויסן,
און די וועמען איך האָב שלעכטס געטאָן.
7 און איך וועל מאַכן די הינקעדיקע פאַר אַן איבער־
בלייַב,
און די דערווייטערטע פאַר אַ מאַכטיקן פאָלק,
און גאָט וועט קיניגן איבער זיי אויפן באַרג ציון
פון אַצונד און ביז אייביק.

8 און דו מגדל־עדר, פעסטונגבאַרג פון טאָכטער ציון,
צו דיר וועט עס אָנקומען;
יאָ, קומען וועט די פריערדיקע ממשלה,
די מלוכה פון טאָכטער ירושלים.
9 אַצונד נאָך וואָס שרייסטו מיט געשרייען?
איז קיין מלך ניטאָ אין דיר,
איז דיין בעל־יועץ אונטערגעגאַנגען,
וואָס ווייעניש האָט דיך אָנגענומען ווי אַ געווינערין?
10 דריי זיך און האָב ווייען, טאָכטער ציון,
אַזוי ווי אַ געווינערין,
וואָרום אַצונד וועסטו אַרויסגיין פון דער שטאָט,
און וועסט וווינען אין פעלד,
און וועסט קומען קיין בבל;
דאָרטן וועסטו ניצול ווערן,
דאָרטן וועט דיך אויסלייזן גאָט
פון דער האַנט פון דיינע פיינט.

11 און אַצונד האָבן זיך אייַנגעזאַמלט אויף דיר פיל
פעלקער,
וואָס זאָגן: זאָל זי פאַרשוועכט ווערן,
און זאָל אונדזער אויג זיך אָנקוקן אויף ציון.
12 אָבער זיי וויסן ניט די טראַכטונגען פון גאָט,
און זיי פאַרשטייען ניט זיין באַראָט,
אַז ער האָט זיי אייַנגעזאַמלט ווי אַ גאַרב אין שייער.
13 שטיי אויף און דרעש, טאָכטער ציון,
וואָרום דיין האָרן וועל איך מאַכן אייזן,
און דיינע קלויען וועל איך מאַכן קופּער,

ג תֵּצֵא תוֹרָה וּדְבַר יְהוָה מִירוּשָׁלָםִ׃ וְשָׁפַט בֵּין עַמִּים
רַבִּים וְהוֹכִיחַ לְגוֹיִם עֲצֻמִים עַד־רָחוֹק וְכִתְּתוּ חַרְבֹתֵיהֶם
לְאִתִּים וַחֲנִיתֹתֵיהֶם לְמַזְמֵרוֹת לֹא־יִשְׂאוּ גּוֹי אֶל־גּוֹי חֶרֶב
ד וְלֹא־יִלְמְדוּן עוֹד מִלְחָמָה׃ וְיָשְׁבוּ אִישׁ תַּחַת גַּפְנוֹ וְתַחַת
ה תְּאֵנָתוֹ וְאֵין מַחֲרִיד כִּי־פִי יְהוָה צְבָאוֹת דִּבֵּר׃ כִּי כָּל־
הָעַמִּים יֵלְכוּ אִישׁ בְּשֵׁם אֱלֹהָיו וַאֲנַחְנוּ נֵלֵךְ בְּשֵׁם־יְהוָה
ו אֱלֹהֵינוּ לְעוֹלָם וָעֶד׃ בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם־יְהוָה אֹסְפָה
ז הַצֹּלֵעָה וְהַנִּדָּחָה אֲקַבֵּצָה וַאֲשֶׁר הֲרֵעֹתִי׃ וְשַׂמְתִּי אֶת־
הַצֹּלֵעָה לִשְׁאֵרִית וְהַנַּהֲלָאָה לְגוֹי עָצוּם וּמָלַךְ יְהוָה עֲלֵיהֶם
ח בְּהַר צִיּוֹן מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָם׃ וְאַתָּה מִגְדַּל־עֵדֶר
עֹפֶל בַּת־צִיּוֹן עָדֶיךָ תֵּאתֶה וּבָאָה הַמֶּמְשָׁלָה הָרִאשֹׁנָה
ט מַמְלֶכֶת לְבַת־יְרוּשָׁלָםִ׃ עַתָּה לָמָּה תָרִיעִי רֵעַ הֲמֶלֶךְ
י אֵין־בָּךְ אִם־יוֹעֲצֵךְ אָבָד כִּי־הֶחֱזִיקֵךְ חִיל כַּיּוֹלֵדָה׃ חוּלִי
וָגֹחִי בַּת־צִיּוֹן כַּיּוֹלֵדָה כִּי־עַתָּה תֵצְאִי מִקִּרְיָה וְשָׁכַנְתְּ בַּשָּׂדֶה
וּבָאת עַד־בָּבֶל שָׁם תִּנָּצֵלִי שָׁם יִגְאָלֵךְ יְהוָה מִכַּף אֹיְבָיִךְ׃
יא וְעַתָּה נֶאֶסְפוּ עָלַיִךְ גּוֹיִם רַבִּים הָאֹמְרִים תֶּחֱנָף וְתַחַז בְּצִיּוֹן
יב עֵינֵינוּ׃ וְהֵמָּה לֹא יָדְעוּ מַחְשְׁבוֹת יְהוָה וְלֹא הֵבִינוּ עֲצָתוֹ
יג כִּי קִבְּצָם כֶּעָמִיר גֹּרְנָה׃ קוּמִי וָדוֹשִׁי בַת־צִיּוֹן כִּי־קַרְנֵךְ
אָשִׂים בַּרְזֶל וּפַרְסֹתַיִךְ אָשִׂים נְחוּשָׁה וַהֲדִקּוֹת עַמִּים רַבִּים
יד וְהַחֲרַמְתִּי לַיהוָה בִּצְעָם וְחֵילָם לַאֲדוֹן כָּל־הָאָרֶץ׃ עַתָּה
תִּתְגֹּדְדִי בַת־גְּדוּד מָצוֹר שָׂם עָלֵינוּ בַּשֵּׁבֶט יַכּוּ עַל־הַלְּחִי
אֵת שֹׁפֵט יִשְׂרָאֵל׃

ה

א וְאַתָּה בֵּית־לֶחֶם אֶפְרָתָה צָעִיר לִהְיוֹת בְּאַלְפֵי יְהוּדָה
מִמְּךָ לִי יֵצֵא לִהְיוֹת מוֹשֵׁל בְּיִשְׂרָאֵל וּמוֹצָאֹתָיו מִקֶּדֶם
ב מִימֵי עוֹלָם׃ לָכֵן יִתְּנֵם עַד־עֵת יוֹלֵדָה יָלָדָה וְיֶתֶר אֶחָיו
ג יְשׁוּבוּן עַל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְעָמַד וְרָעָה בְּעֹז יְהוָה בִּגְאוֹן

ד, ט׳ יא׳ קמץ בז״ק

און וועסט צעשטויסן פיל פעלקער,
און מאַכן חרם צו גאָט זייער רויב,
און זייער פאַרמעג צום האַר פון דער גאַנצער ערד.
14 אַצונד וועסטו זיך דעם לייב שניידן, טאָכטער פון מחנות*,
אַ באַלעגערונג האָט מען געמאַכט אויף אונדז;
מיט אַ רוט אויפן באַק
שלאָגט מען דעם ריכטער פון ישראל.

ה 1 און דו, בית־לחם אין אפרת,
וואָס קליין ביסטו צווישן די טויזנטן פון יהודה,
פון דיר וועט מיר אַרויסגיין
דער וואָס וועט זיין אַ געוועלטיקער איבער ישראל,
און זיין אָפּשטאַם איז פון פאַרצייטן, פון אַמאָליקע טעג.
2 פאַרוואָר, ער וועט זיי איבערגעבן
ביז דער צייט ווען די געווינערין האָט געווונען;
אָבער דער איבערבלייב פון זיינע ברידער
וועט זיך אומקערן מיט די קינדער פון ישראל.
3 און ער וועט אויפשטיין און פּיטערן מיט מאַכט פון גאָט,

* ווערטשפּיל: תתגודדי בת־גדוד.

שֵׁם יְהוָה אֱלֹהָיו וְיָשָׁבוּ כִּי־עַתָּה יִגְדַּל עַד־אַפְסֵי־אָרֶץ׃
וְהָיָה זֶה שָׁלוֹם אַשּׁוּר ׀ כִּי־יָבוֹא בְאַרְצֵנוּ וְכִי יִדְרֹךְ ד
בְּאַרְמְנֹתֵינוּ וַהֲקֵמֹנוּ עָלָיו שִׁבְעָה רֹעִים וּשְׁמֹנָה נְסִיכֵי
אָדָם׃ וְרָעוּ אֶת־אֶרֶץ אַשּׁוּר בַּחֶרֶב וְאֶת־אֶרֶץ נִמְרֹד ה
בִּפְתָחֶיהָ וְהִצִּיל מֵאַשּׁוּר כִּי־יָבוֹא בְאַרְצֵנוּ וְכִי יִדְרֹךְ
בִּגְבוּלֵנוּ׃ וְהָיָה ׀ שְׁאֵרִית יַעֲקֹב בְּקֶרֶב עַמִּים רַבִּים ו
כְּטַל מֵאֵת יְהוָה כִּרְבִיבִים עֲלֵי־עֵשֶׂב אֲשֶׁר לֹא־יְקַוֶּה לְאִישׁ
וְלֹא יְיַחֵל לִבְנֵי אָדָם׃ וְהָיָה שְׁאֵרִית יַעֲקֹב בַּגּוֹיִם בְּקֶרֶב ז
עַמִּים רַבִּים כְּאַרְיֵה בְּבַהֲמוֹת יַעַר כִּכְפִיר בְּעֶדְרֵי־צֹאן
אֲשֶׁר אִם־עָבַר וְרָמַס וְטָרַף וְאֵין מַצִּיל׃ תָּרֹם יָדְךָ עַל־ ח
צָרֶיךָ וְכָל־אֹיְבֶיךָ יִכָּרֵתוּ׃ וְהָיָה בַיּוֹם־הַהוּא נְאֻם־ ט
יְהוָה וְהִכְרַתִּי סוּסֶיךָ מִקִּרְבֶּךָ וְהַאֲבַדְתִּי מַרְכְּבֹתֶיךָ׃ וְהִכְרַתִּי י
עָרֵי אַרְצֶךָ וְהָרַסְתִּי כָּל־מִבְצָרֶיךָ׃ וְהִכְרַתִּי כְשָׁפִים מִיָּדֶךָ יא
וּמְעוֹנְנִים לֹא יִהְיוּ־לָךְ׃ וְהִכְרַתִּי פְסִילֶיךָ וּמַצֵּבוֹתֶיךָ מִקִּרְבֶּךָ יב
וְלֹא־תִשְׁתַּחֲוֶה עוֹד לְמַעֲשֵׂה יָדֶיךָ׃ וְנָתַשְׁתִּי אֲשֵׁירֶיךָ מִקִּרְבֶּךָ יג
וְהִשְׁמַדְתִּי עָרֶיךָ׃ וְעָשִׂיתִי בְּאַף וּבְחֵמָה נָקָם אֶת־הַגּוֹיִם יד
אֲשֶׁר לֹא שָׁמֵעוּ׃

ו

שִׁמְעוּ־נָא אֵת אֲשֶׁר־יְהוָה אֹמֵר קוּם רִיב אֶת־הֶהָרִים א
וְתִשְׁמַעְנָה הַגְּבָעוֹת קוֹלֶךָ׃ שִׁמְעוּ הָרִים אֶת־רִיב יְהוָה ב
וְהָאֵתָנִים מֹסְדֵי אָרֶץ כִּי רִיב לַיהוָה עִם־עַמּוֹ וְעִם־יִשְׂרָאֵל
יִתְוַכָּח׃ עַמִּי מֶה־עָשִׂיתִי לְךָ וּמָה הֶלְאֵתִיךָ עֲנֵה בִי׃ ג
כִּי הֶעֱלִתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם וּמִבֵּית עֲבָדִים פְּדִיתִיךָ וָאֶשְׁלַח ד
לְפָנֶיךָ אֶת־מֹשֶׁה אַהֲרֹן וּמִרְיָם׃ עַמִּי זְכָר־נָא מַה־יָּעַץ ה
בָּלָק מֶלֶךְ מוֹאָב וּמֶה־עָנָה אֹתוֹ בִּלְעָם בֶּן־בְּעוֹר מִן־הַשִּׁטִּים
עַד־הַגִּלְגָּל לְמַעַן דַּעַת צִדְקוֹת יְהוָה׃ בַּמָּה אֲקַדֵּם יְהוָה ו
אִכַּף לֵאלֹהֵי מָרוֹם הַאֲקַדְּמֶנּוּ בְעוֹלוֹת בַּעֲגָלִים בְּנֵי שָׁנָה׃

---

ה, ה׳ בס״א מלא י׳ ו׳ הפטרת וירא בלק

מיטן שטאָלצן נאָמען פון יהוה זיין גאָט;
און זיי וועלן זיצן רואיק,
וואָרום ער וועט דענסמאָל זיין גרויס ביז די עקן פון
דער ערד.
4 און אַזאַ וועט זיין דער שלום:
אַז אַשור וועט קומען אין אונדזער לאַנד,
און אַז ער וועט טרעטן אין אונדזערע פּאַלאַצן,
וועלן מיר אויפשטעלן אויף אים זיבן פּאַסטוכערא,
און אַכט פירשטלעכע לייט.
5 און זיי וועלן צעבּרעכןא דאָס לאַנד אַשור מיטן שווערד,
און לאַנד נִמרוֹד מיט אירע אייגענע קלינגען.
און מע וועט אונדז מציל זיין פון אַשור,
אַז ער וועט קומען אין אונדזער לאַנד,
און אַז ער וועט טרעטן אין אונדזער גבול.

6 און דער איבערבּלייב פון יעקב וועט זיין צווישן די פיל
אומות,
ווי טוי פון גאָט, ווי שפּריירעגן אויף גראָז,
וואָס האָפט ניט אויף אַ מענטשן,
און וואַרט ניט אויף מענטשנקינדער.
7 און דער איבערבּלייב פון יעקב וועט זיין צווישן די
פעלקער,
אין מיטן פון די פיל אומות,
ווי אַ לייב צווישן די חיות פון וואַלד,
ווי אַ יונגלייב צווישן סטאַדעס שאָף,
וואָס אַז ער גייט דורך צעטרעט ער און פאַרצוקט,
און ניטאָ ווער זאָל מציל זיין.
8 דיין האַנט וועט זיין דערהויבּן איבּער דיינע דריקער,
און אַלע דיינע פיינט וועלן פאַרשניטן ווערן.

9 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט,
וועל איך פאַרשניידן דיינע פערד פון צווישן דיר,
און איך וועל אונטערבּרענגען דיינע רייטוועגן.
10 און איך וועל פאַרשניידן די שטעט פון דיין לאַנד,
און צעשטערן אַלע דיינע פעסטונגען.
11 און איך וועל פאַרשניידן די כּישופן, פון דיין האַנט,
און ביי דיר וועלן ניט זיין קיין וואָרזאָגערס.
12 און איך וועל פאַרשניידן דיינע געשניצטע געצן
און דיינע זיילשטיינער פון צווישן דיר,
און ווּעסט זיך מער ניט בּוקן
צום ווערק פון דיינע הענט.
13 און איך וועל אויסרייסן דיינע געצנבּיימער פון
צווישן דיר;
און איך וועל פאַרטיליקן דיינע פיינט.
14 און איך וועל נקמה נעמען מיט כּעס און מיט
גרימצאָרן
פון די פעלקער וואָס האָבן ניט צוגעהערט.

ו 1 הערט אַקאָרשט צו וואָס גאָט זאָגט:
שטיי אויף, טענה פאַר די בּערג,
און זאָלן הערן די הייכן דיין קָול.
2 הערט צו, איר בּערג, דעם קריג פון גאָט,
און איר מאַכטיקע, די גרונטפעסטן פון דער ערד;
וואָרום גאָט האָט אַ קריג מיט זיין פאָלק,
און מיט ישׂראל וועט ער אַ וויכּוח האָבּן.
3 מיין פאָלק, וואָס האָבּ איך דיר געטאָן?
און מיט וואָס האָבּ איך דיך מיד געמאַכט?
זאָג עדות אַקעגן מיר.
4 וואָרום איך האָבּ דיך אויפגעבּראַכט פון לאַנד מִצרַיִם,
און פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט דיך אויסגעלייזט,
און דיר פאַרויס געשיקט משהן, אַהרֹנען, און מרימען.
5 מיין פאָלק, דערמאָן זיך אַקאָרשט
וואָס בָּלָק דער מלך פון מוֹאָב האָט בּאַראָטן,
און וואָס אים האָט געענטפערט בִּלעָם דער זון פון בְּעוֹרן;
[וואָס איך האָבּ געטאָן] פון שִׁטים בּיז גִלגָל,
כּדי מע זאָל וויסן די גערעכטיקייט פון גאָט.
6 „מיט וואָס זאָל איך קומען פאַר יהוה,
זיך בּייגן פאַר גאָט אין דער הייך?
זאָל איך קומען פאַר אים מיט בּראַנדאָפּפער,
מיט קעלבּער איינִיאָריקע?

א וואָרטשפּיל: רֹעִים-וְרָעוּ.

⁷ וועט יהוה באַווילִיקן טויזנטן ווידערס,
צענטויזנטן טײַכן מיט אײל?
זאָל איך געבן מײַן בכור פֿאַר מײַן פֿאַרברעך,
די פּרוכט פֿון מײַן לײַב פֿאַר דער זינד פֿון מײַן זעל?
⁸ מע האָט דיר אָנגעזאָגט, מענטש, וואָס איז גוט,
און וואָס יהוה פֿאַרלאַנגט פֿון דיר:
נאָר בלויז טאָן גערעכטיקייט און ליב האָבן גנאָד,
און אומגיין שטיל פֿאַר דײַן גאָט.
⁹ האָרך! יהוה רופֿט צו דער שטאָט—
און דער קלוגער וועט אַכטן אויף דײַן נאָמען—
הערט דעם שטעקן, און ווער דאָס האָט באַשערט.
¹⁰ קען איך נאָכאַנאַנד פֿאַרגעסן דאָס הויז פֿון דעם אומ־
גערעכטן,
די שאַצן פֿון אומרעכט און די קאַרגע מאָס די פֿאַר־
שאָלטענע?
¹¹ קען איך ריין מאַכן פֿאַר אומגערעכטע וואָגשאָלן,
און פֿאַר אַ בײַטל מיט פֿאַלשע וואָגשטיינער?
¹² וואָרום אירע רײַכע לײַט זײַנען פֿול מיט רויב,
און אירע באַוווינער רעדן פֿאַלש,
און זייער צונג איז באַטרוג אין זייער מויל.
¹³ דרום האָב איך אויך דיך געשלאָגן ביז קראַנק,
דיך פֿאַרוויסט פֿאַר דײַנע זינד.
¹⁴ דו וועסט עסן און ניט זאַט ווערן,
און דײַן הונגער וועט זײַן אין דײַנע אינגעווייד;
און וועסט טראָגעדיק ווערן, און ניט געווינען,
און וואָס דו וועסט געווינען וועל איך צום שווערד
איבערגעבן.
¹⁵ דו וועסט זייען, און ניט שניידן,
דו וועסט טרעטן איילבערטן, און זיך ניט זאַלבן מיט אייל,
און טרויבנזאַפֿט, און ניט טרינקען קיין ווײַן.
¹⁶ ווײַל אָפּגעהיט ווערן די מנהגים פֿון עָמרין,
און אַלדי טועניש פֿון אַחאָבס הויז,
און איר ווייט געגאַנגען אין זייערע עצות;
דרום וועל איך דיך מאַכן פֿאַר אַ שרעק,
און אירע באַוווינער פֿאַר אַ שמוצערונג;
און די שאַנד פֿון מײַן פֿאָלק וועט איר טראָגן.

ז ¹ ווי מיר, וואָס איך בין ווי ביים נאָכזאַמל פֿון זומער,
ווי ביים נאָכקלייב פֿון דער לעזו!
ניטאָ אַ הענגל צום עסן,
אַן ערשטפּרוכט וואָס מײַן זעל געלוסט.
² אונטערגעגאַנגען איז דער פֿרומער פֿון לאַנד,
און קיין רעכטפֿאַרטיקער צווישן מענטשן איז ניטאָ;
אַלע לויערן זיי אויף בלוט,
איינער דעם אַנדערן פֿאַנגען זיי אין נעץ.
³ אויף שלעכטס טאָן זײַנען די הענט וואָס דאַרפֿן גוטס
טאָן;
דער שׂררה פֿאַרלאַנגט, און דער ריכטער איז
פֿאַר באַצאָלט,
און דער גרויסער מאַן, ער רעדט די געריקייט פֿון זײַן
זעל;
אַזוי האָבן זיי עס פֿאַרדרייט.

ז הֲיִרְצֶה יְהוָה בְּאַלְפֵי אֵילִים בְּרִבְבוֹת נַחֲלֵי־שָׁמֶן הַאֶתֵּן
ח בְּכוֹרִי פִּשְׁעִי פְּרִי בִטְנִי חַטַּאת נַפְשִׁי׃ הִגִּיד לְךָ אָדָם
מַה־טּוֹב וּמָה יְהוָה דּוֹרֵשׁ מִמְּךָ כִּי אִם־עֲשׂוֹת מִשְׁפָּט
ט וְאַהֲבַת חֶסֶד וְהַצְנֵעַ לֶכֶת עִם־אֱלֹהֶיךָ׃ קוֹל יְהוָה
לָעִיר יִקְרָא וְתוּשִׁיָּה יִרְאֶה שְׁמֶךָ שִׁמְעוּ מַטֶּה וּמִי יְעָדָהּ׃
י עוֹד הַאִשׁ בֵּית רָשָׁע אֹצְרוֹת רֶשַׁע וְאֵיפַת רָזוֹן זְעוּמָה׃
יא יב הַאֶזְכֶּה בְּמֹאזְנֵי רֶשַׁע וּבְכִיס אַבְנֵי מִרְמָה׃ אֲשֶׁר
עֲשִׁירֶיהָ מָלְאוּ חָמָס וְיֹשְׁבֶיהָ דִּבְּרוּ־שָׁקֶר וּלְשׁוֹנָם רְמִיָּה
יג בְּפִיהֶם׃ וְגַם־אֲנִי הֶחֱלֵיתִי הַכּוֹתֶךָ הַשְׁמֵם עַל־חַטֹּאתֶךָ׃
יד אַתָּה תֹאכַל וְלֹא תִשְׂבָּע וְיֶשְׁחֲךָ בְּקִרְבֶּךָ וְתַסֵּג וְלֹא
טו תַפְלִיט וַאֲשֶׁר תְּפַלֵּט לַחֶרֶב אֶתֵּן׃ אַתָּה תִזְרַע וְלֹא תִקְצוֹר
אַתָּה תִדְרֹךְ־זַיִת וְלֹא־תָסוּךְ שֶׁמֶן וְתִירוֹשׁ וְלֹא תִשְׁתֶּה־יָּיִן׃
טז וְיִשְׁתַּמֵּר חֻקּוֹת עָמְרִי וְכֹל מַעֲשֵׂה בֵית־אַחְאָב וַתֵּלְכוּ
בְּמֹעֲצוֹתָם לְמַעַן תִּתִּי אֹתְךָ לְשַׁמָּה וְיֹשְׁבֶיהָ לִשְׁרֵקָה
וְחֶרְפַּת עַמִּי תִּשָּׂאוּ׃

ז

א אַלְלַי לִי כִּי הָיִיתִי כְּאָסְפֵּי־קַיִץ כְּעֹלְלֹת בָּצִיר אֵין־אֶשְׁכּוֹל
ב לֶאֱכוֹל בִּכּוּרָה אִוְּתָה נַפְשִׁי׃ אָבַד חָסִיד מִן־הָאָרֶץ וְיָשָׁר
בָּאָדָם אָיִן כֻּלָּם לְדָמִים יֶאֱרֹבוּ אִישׁ אֶת־אָחִיהוּ יָצוּדוּ
ג חֵרֶם׃ עַל־הָרַע כַּפַּיִם לְהֵיטִיב הַשַּׂר שֹׁאֵל וְהַשֹּׁפֵט
ד בַּשִּׁלּוּם וְהַגָּדוֹל דֹּבֵר הַוַּת נַפְשׁוֹ הוּא וַיְעַבְּתוּהָ׃ טוֹבָם
כְּחֵדֶק יָשָׁר מִמְּסוּכָה יוֹם מְצַפֶּיךָ פְּקֻדָּתְךָ בָאָה עַתָּה
ה תִהְיֶה מְבוּכָתָם׃ אַל־תַּאֲמִינוּ בְרֵעַ אַל־תִּבְטְחוּ בְּאַלּוּף
ו מִשֹּׁכֶבֶת חֵיקֶךָ שְׁמֹר פִּתְחֵי־פִיךָ׃ כִּי־בֵן מְנַבֵּל אָב בַּת
ז קָמָה בְאִמָּהּ כַּלָּה בַּחֲמֹתָהּ אֹיְבֵי אִישׁ אַנְשֵׁי בֵיתוֹ׃ וַאֲנִי
ח בַּיהוָה אֲצַפֶּה אוֹחִילָה לֵאלֹהֵי יִשְׁעִי יִשְׁמָעֵנִי אֱלֹהָי׃ אַל־
תִּשְׂמְחִי אֹיַבְתִּי לִי כִּי נָפַלְתִּי קָמְתִּי כִּי־אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ יְהוָה

ו, ח׳ עד כאן   י׳ כצ״ל   יד׳ קמץ בז״ק   ז, ו׳ כצ״ל

⁴ דער בעסטער פֿון זיי איז ווי אַ דאָרן,
דער רעכטפֿאַרטיקער, ערגער פֿון אַ שטעכיקער צאַם.
דער טאָג פֿון דײַנע וועכטער, דײַן רעכנשאַפֿט, איז געקומען;
אַצונד וועט געשען זייער צעטומלעניש.
⁵ זאָלט איר ניט גלייבן אין אַ חבר,
זאָלט איר אײַך ניט פֿאַרזיכערן אויף אַ גוטן פֿרײַנט;
פֿון דער וואָס ליגט אין דײַן בוזעם,
היט די טירן פֿון דײַן מויל.
⁶ וואָרום אַ זון באַנוועלט אַ פֿאָטער,
אַ טאָכטער שטעלט זיך קעגן איר מוטער,
אַ שנור קעגן איר שוויגער,
די שׂונאים פֿון אַ מענטשן זײַנען זײַנע הויזלײַט.
⁷ אָבער איך קוק אויס אויף יהוה,
איך האַר צום גאָט פֿון מײַן הילף,
מײַן גאָט וועט מיך צוהערן.
⁸ ניט פֿרייען זאָלסטו זיך אויף מיר, מײַן שׂונאטע,
אַז איך בין געפֿאַלן, וועל איך אויפֿשטיין,
אַז איך זיץ אין פֿינצטערניש,

ט אוֹר לִי׃ זַעַף יְהוָה אֶשָּׂא כִּי חָטָאתִי לוֹ עַד אֲשֶׁר
יָרִיב רִיבִי וְעָשָׂה מִשְׁפָּטִי יוֹצִיאֵנִי לָאוֹר אֶרְאֶה בְּצִדְקָתוֹ׃
וְתֵרֶא אֹיַבְתִּי וּתְכַסֶּהָ בוּשָׁה הָאֹמְרָה אֵלַי אַיּוֹ יְהוָה י
אֱלֹהָיִךְ עֵינַי תִּרְאֶינָּה בָּהּ עַתָּה תִּהְיֶה לְמִרְמָס כְּטִיט
חוּצוֹת׃ יוֹם לִבְנוֹת גְּדֵרָיִךְ יוֹם הַהוּא יִרְחַק־חֹק׃ יוֹם יא יב
הוּא וְעָדֶיךָ יָבוֹא לְמִנִּי אַשּׁוּר וְעָרֵי מָצוֹר וּלְמִנִּי מָצוֹר
וְעַד־נָהָר וְיָם מִיָּם וְהַר הָהָר׃ וְהָיְתָה הָאָרֶץ לִשְׁמָמָה יג
עַל־יֹשְׁבֶיהָ מִפְּרִי מַעַלְלֵיהֶם׃ רְעֵה עַמְּךָ בְשִׁבְטֶךָ יד
צֹאן נַחֲלָתֶךָ שֹׁכְנִי לְבָדָד יַעַר בְּתוֹךְ כַּרְמֶל יִרְעוּ בָשָׁן
וְגִלְעָד כִּימֵי עוֹלָם׃ כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ טו
נִפְלָאוֹת׃ יִרְאוּ גוֹיִם וְיֵבֹשׁוּ מִכֹּל גְּבוּרָתָם יָשִׂימוּ יָד עַל־ טז
פֶּה אָזְנֵיהֶם תֶּחֱרַשְׁנָה׃ יְלַחֲכוּ עָפָר כַּנָּחָשׁ כְּזֹחֲלֵי אֶרֶץ יז
יִרְגְּזוּ מִמִּסְגְּרֹתֵיהֶם אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ יִפְחָדוּ וְיִרְאוּ מִמֶּךָּ׃
מִי־אֵל כָּמוֹךָ נֹשֵׂא עָוֺן וְעֹבֵר עַל־פֶּשַׁע לִשְׁאֵרִית נַחֲלָתוֹ יח
לֹא־הֶחֱזִיק לָעַד אַפּוֹ כִּי־חָפֵץ חֶסֶד הוּא׃ יָשׁוּב יְרַחֲמֵנוּ יט
יִכְבֹּשׁ עֲוֺנֹתֵינוּ וְתַשְׁלִיךְ בִּמְצֻלוֹת יָם כָּל־חַטֹּאתָם׃
תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב חֶסֶד לְאַבְרָהָם אֲשֶׁר־נִשְׁבַּעְתָּ לַאֲבֹתֵינוּ כ
מִימֵי קֶדֶם׃ •

---

י׳ מלרע  הכי בדגש  יב׳ כבירין יבוא  יז׳ קמץ בז״ק  כ׳ ס״כ

איז גאָט מיר אַ ליכט.
9 דעם צאָרן פון גאָט וועל איך טראָגן,
וואָרום איך האָב געזינדיקט צו אים;
ביז ער וועט קריגן מיין קריג,
און וועט טאָן מיין רעכט;
ער וועט מיך אַרויספירן אין ליכטיקייט,
איך וועל זען זיין גערעכטיקייט.
10 און מיין שׂונאטע וועט זען, און אַ בושה וועט זי באַדעקן,
די וואָס זאָגט צו מיר: ווו איז ער, יהוה דיין גאָט?
מיינע אויגן וועלן זיך אָנזען אויף איר;
אַצונד וועט זי צעטראָטן ווערן ווי קויט פון די גאַסן.

11 אַ טאָג וועט זיין צו בויען דיינע מויערן,
מעג יענער טאָג זיין זייער ווייט.
12 אַ טאָג וועט דאָס זיין ווען מע וועט קומען צו דיר,
פון אַשור און די שטעט פון מִצרַיִם,
און פון מִצרַיִם און ביזן טייך,
און פון ים ביז ים, און פון באַרג ביז באַרג.
13 און די ערד וועט זיין וויסט פאַר אירע באַוווינער,
פון וועגן דעם פרוכט פון זייערע מעשׂים.

14 פיטער דיין פאָלק מיט דיין רוט,
די שאָף פון דיין אַרב,
וואָס וווינען באַזונדער
אַ וואַלד אין מיטן כַּרמֶל;
לאָזן זיי זיך פיטערן אין בָשָן און גִלעָד,
ווי אין די טעג פון אַמאָל.
15 ווי אין די טעג פון דיין אַרויסגיין פון לאַנד מִצרַיִם,
וועל איך אים ווונדער באַווייזן.

16 פעלקער וועלן זען און זיך שעמען מיט אַל זייער גבורה,
זיי וועלן אַרויפטאָן די האַנט אויפן מויל,
זייערע אויערן וועלן טויב ווערן.
17 זיי וועלן לעקן דעם שטויב ווי אַ שלאַנג,
ווי די וואָס קריכן אויף דער ערד;
זיי וועלן ציטערן פון זייערע פעסטונגען,
צו יהוה אונדזער גאָט וועלן זיי אַנגסטן,
און זיי וועלן מורא האָבן פאַר דיר.

18 ווער איז אַ גאָט ווי דו, וואָס פאַרגיט זינד,
און גייט פאַרביי דעם פאַרברעך פון דעם איבערבלייב
פון זיין אַרב?
ער האַלט ניט אויף אייביק זיין צאָרן,
וואָרום ער האָט ליב גענאָד.
19 ער וועט אונדז ווידער דערבאַרימען,
ער וועט פאַרדריקן אונדזערע זינד;
און ווּעסט אַריינוואַרפן אין די טיפענישן פון ים
אַלע זייערע חטאים.
20 וועסט ווייזן טריישאַפט צו יעקבן,
חסד צו אַברהמען,
ווי דו האָסט געשוואָרן אונדזערע עלטערן
פון די טעג פון פאַרצייטן.

# נַחוּם

א א משָׂא נִינְוֵה סֵפֶר חֲזוֹן נַחוּם הָאֶלְקֹשִׁי׃ אֵל קַנּוֹא וְנֹקֵם ב
יְהוָה נֹקֵם יְהוָה וּבַעַל חֵמָה נֹקֵם יְהוָה לְצָרָיו וְנוֹטֵר הוּא

---

א׳ כא חָזוֹן

1 די נבואה אויף נינוה; דאָס בוך פון דער זעאונג
פון נחום דעם אֶלקושי.
2 אַ גאָט אַ צערענער און אַ ראַכנעמער איז יהוה,
יהוה איז אַ ראַכנעמער און פול מיט גרימצאָרן,
יהוה איז זיך נוֹקם אָן זיינע פיינט,
און ער האַלט דעם כעס צו זיינע שׂונאים.

ג לְאֹיְבָיו׃ יְהוָה אֶרֶךְ אַפַּיִם וּגְדָול־כֹּחַ וְנַקֵּה לֹא יְנַקֶּה
ד יְהוָה בְּסוּפָה וּבִשְׂעָרָה דַּרְכּוֹ וְעָנָן אֲבַק רַגְלָיו׃ גּוֹעֵר
בַּיָּם וַיַּבְּשֵׁהוּ וְכָל־הַנְּהָרוֹת הֶחֱרִיב אֻמְלַל בָּשָׁן וְכַרְמֶל
ה וּפֶרַח לְבָנוֹן אֻמְלָל׃ הָרִים רָעֲשׁוּ מִמֶּנּוּ וְהַגְּבָעוֹת הִתְמֹגָגוּ
ו וַתִּשָּׂא הָאָרֶץ מִפָּנָיו וְתֵבֵל וְכָל־יֹשְׁבֵי בָהּ׃ לִפְנֵי זַעְמוֹ
מִי יַעֲמוֹד וּמִי יָקוּם בַּחֲרוֹן אַפּוֹ חֲמָתוֹ נִתְּכָה כָאֵשׁ וְהַצֻּרִים
ז נִתְּצוּ מִמֶּנּוּ׃ טוֹב יְהוָה לְמָעוֹז בְּיוֹם צָרָה וְיֹדֵעַ חֹסֵי בוֹ׃
ח וּבְשֶׁטֶף עֹבֵר כָּלָה יַעֲשֶׂה מְקוֹמָהּ וְאֹיְבָיו יְרַדֶּף־חֹשֶׁךְ׃
ט מַה־תְּחַשְּׁבוּן אֶל־יְהוָה כָּלָה הוּא עֹשֶׂה לֹא־תָקוּם
י פַּעֲמַיִם צָרָה׃ כִּי עַד־סִירִים סְבֻכִים וּכְסָבְאָם סְבוּאִים
יא אֻכְּלוּ כְּקַשׁ יָבֵשׁ מָלֵא׃ מִמֵּךְ יָצָא חֹשֵׁב עַל־יְהוָה רָעָה
יב יֹעֵץ בְּלִיָּעַל׃ כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה אִם־שְׁלֵמִים וְכֵן
יג רַבִּים וְכֵן נָגֹזּוּ וְעָבָר וְעִנִּתִךְ לֹא אֲעַנֵּךְ עוֹד׃ וְעַתָּה
יד אֶשְׁבֹּר מֹטֵהוּ מֵעָלָיִךְ וּמוֹסְרֹתַיִךְ אֲנַתֵּק׃ וְצִוָּה עָלֶיךָ יְהוָה
לֹא־יִזָּרַע מִשִּׁמְךָ עוֹד מִבֵּית אֱלֹהֶיךָ אַכְרִית פֶּסֶל וּמַסֵּכָה
אָשִׂים קִבְרֶךָ כִּי קַלּוֹתָ׃

ב

א הִנֵּה עַל־הֶהָרִים רַגְלֵי מְבַשֵּׂר מַשְׁמִיעַ שָׁלוֹם חָגִּי יְהוּדָה
חַגַּיִךְ שַׁלְּמִי נְדָרָיִךְ כִּי לֹא יוֹסִיף עוֹד לַעֲבָור־בָּךְ בְּלִיַּעַל
ב כֻּלֹּה נִכְרָת׃ עָלָה מֵפִיץ עַל־פָּנַיִךְ נָצוֹר מְצֻרָה צַפֵּה־
ג דֶרֶךְ חַזֵּק מָתְנַיִם אַמֵּץ כֹּחַ מְאֹד׃ כִּי שָׁב יְהוָה אֶת־גְּאוֹן
יַעֲקֹב כִּגְאוֹן יִשְׂרָאֵל כִּי בְקָקוּם בֹּקְקִים וּזְמֹרֵיהֶם שִׁחֵתוּ׃
ד מָגֵן גִּבֹּרֵיהוּ מְאָדָּם אַנְשֵׁי־חַיִל מְתֻלָּעִים בְּאֵשׁ־פְּלָדוֹת
ה הָרֶכֶב בְּיוֹם הֲכִינוֹ וְהַבְּרֹשִׁים הָרְעָלוּ׃ בַּחוּצוֹת יִתְהוֹלְלוּ
הָרֶכֶב יִשְׁתַּקְשְׁקוּן בָּרְחֹבוֹת מַרְאֵיהֶן כַּלַּפִּידִם כַּבְּרָקִים
ו יְרוֹצֵצוּ׃ יִזְכֹּר אַדִּירָיו יִכָּשְׁלוּ בַּהֲלִכָתָם יְמַהֲרוּ חוֹמָתָהּ
ז וְהֻכַן הַסֹּכֵךְ׃ שַׁעֲרֵי הַנְּהָרוֹת נִפְתָּחוּ וְהַהֵיכָל נָמוֹג׃

---

א, ג׳ יתיר ו · ס׳ ובירא · יב׳ חולם מלא עם הדגש · יג׳ כא מטה
יד׳ סגל בטרחא · ב, א׳ יתיר ף · ו׳ ו״במקום ד׳

3 יהוה איז אײַנגעהאַלטן אין צאָרן,
און גרויס אין מאַכט,
און שענקען שענקט ער ניט;
יהוה—מיט ווינט און מיט שטורעם איז זײַן וועג,
און וואָלקן דער שטויב פון זײַנע פיס.
4 ער שרײַט אָן אויפן ים, און טריקנט אים אויס,
און אַלע טײַכן מאַכט ער טרוקן;
פאַרוועלקט ווערט דער בָּשָׁן און כַּרמֶל,
און די בליאונג פון לבָנוֹן ווערט פאַרוועלקט.
5 די בערג ציטערן פאַר אים,
און די טאָלן טוען זיך וואַקלען,
און די ערד ווערט אויפגעטרייסלט פון זײַן פנים,
אי די וועלט אי אַלע וווינער אין איר.
6 פאַר זײַן כּעס ווער קען זיך שטעלן?
און ווער קען באַשטיין אין זײַן גרימצאָרן?
זײַן צאָרן גיסט זיך אויס ווי פײַער,
און די פעלזן ווערן צעשטויסן פאַר אים.
7 גוט איז יהוה,
פאַר אַ פעסטונג אין טאָג פון נויט;
און ער ווייס די וואָס שיצן זיך אין אים.
8 אָבער מיט אַ שטראָמיקער פלייצונג
וועט ער מאַכן אַ פאַרלענדונג פון איר אָרט,
און זײַנע פײַנט וועט נאָכיאָגן פינצטערניש.
9 וואָס טראַכט איר אַקעגן גאָט?
אַ פאַרלענדונג וועט ער מאַכן,
די צרה וועט ניט אויפשטיין אַ צווייט מאָל.
10 וואָרום בעת זיי זײַנען ווי דערנער אײַנגעפלאָכטענע,
און ווי זיי שיכּורן פאַרשיכּורטעא,
וועלן זיי אין גאַנצן פאַרצערט ווערן
ווי טרוקענע שטרוי.
11 פון דיר איז אַרויסגעקומען
דער וואָס טראַכט בייז אַקעגן גאָט,
וואָס באַראָט נידערטרעכטיקייט.
12 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
ווי געזונט און אַזוי פיל ווי זיי זײַנען,
אַזוי וועלן זיי פאַרשניטן ווערן און פאַרגיין;
הגם איך האָב דיך געפּייניקט,
וועל איך מער דיך ניט פּײַניקן.
13 און אַצונד וועל איך צעברעכן זײַן יאָכשטאַנג פון דיר,
און דײַנע בינדשטריק וועל איך צערײַסן.

14 און גאָט האָט באַפוילן וועגן דיר,
אַז פון דײַן נאָמען זאָל מער קיין זאָמען ניט זײַן;
פון הויז פון דײַן גאָט וועל איך פאַרשניידן
געשניצטע און געגאָסענע געצן;
איך וועל דיר אַ קבר מאַכן,
ווײַל דו ביסט צו שאַנד געוואָרן.

ב 1 זע אויף די בערג די פיס פון דעם אָנזאָגער
וואָס מאַכט הערן שלום!
פײַער, יהודה, דײַנע פײַערטעג,
באַצאָל דײַנע נדרים,
וואָרום מער וועט ניט דורכגיין
אין דיר דער נידערטרעכטיקער,
ער איז אין גאַנצן פאַרשניטן.

2 אַ צעברעכער גייט אַרויף אַקעגן דיר;
היט די פעסטונגב.
קוק אויס אויפן וועג,
פעסטיק די לענדן,
שטאַרק ווייער דײַן כּוח.—

3 גוואָרום גאָט קערט אום דעם שטאָלץ פון יעקב
ווי דעם שטאָלץ פון ישׂראל;
וואָרום אויסליידיקער האָבן זיי אויסגעליידיקט,
און זייערע צווײַגן פאַרדאָרבן.—
4 דער שילד פון זײַנע גיבּוֹרים איז גערויטיקט,
די קריגסלײַט אין ווערמילפאַרב,
אין פײַערדיקן שטאָל די רײַטוועגן,
אין טאָג פון זייער צוגרייטונג;
און די ציפּרעסשפּיזן ווערן געפאָכט.
5 דורך די גאַסן ווילדעווען די רײַטוועגן,
זיי שטורעמען דורך די מערק,
זייער אָנבליק איז ווי פלאַמען,
ווי די בליצן לויפן זיי אום.

6 ער טראַכט אָן זײַנע מאַכטיקע,
אָבער זיי ווערן געשטרויכלט אין זייער גאַנג;
מע אײַלט צו דער מויער,
און צוגעגרייט ווערט דער שירעמדאַך.
7 די טויערן פון די טײַכן זײַנען געעפנט,
און דער פּאַלאַץ ווערט צערונען.

א ווערטשפּיל: סִירִים סְבֻכִים וּכְסָבְאָם סְבוּאִים.
ב ווערטשפּיל: נָצוֹר מְצוּרָה.
ג פאַרבינדט זיך מיט פסוק ז.

ח וְהֻצַּב גֻּלְּתָה הֹעֲלָתָה וְאַמְהֹתֶיהָ מְנַהֲגוֹת כְּקוֹל יוֹנִים
ט מְתֹפְפֹת עַל־לִבְבֵהֶן׃ וְנִינְוֵה כִבְרֵכַת־מַיִם מִימֵי הִיא
י וְהֵמָּה נָסִים עִמְדוּ עֲמֹדוּ וְאֵין מַפְנֶה׃ בֹּזּוּ כֶסֶף בֹּזּוּ
יא זָהָב וְאֵין קֵצֶה לַתְּכוּנָה כָּבֹד מִכֹּל כְּלִי חֶמְדָּה׃ בּוּקָה
וּמְבוּקָה וּמְבֻלָּקָה וְלֵב נָמֵס וּפִק בִּרְכַּיִם וְחַלְחָלָה בְּכָל־
יב מָתְנַיִם וּפְנֵי כֻלָּם קִבְּצוּ פָארוּר׃ אַיֵּה מְעוֹן אֲרָיוֹת
וּמִרְעֶה הוּא לַכְּפִרִים אֲשֶׁר הָלַךְ אַרְיֵה לָבִיא שָׁם גּוּר
יג אַרְיֵה וְאֵין מַחֲרִיד׃ אַרְיֵה טֹרֵף בְּדֵי גֹרוֹתָיו וּמְחַנֵּק
יד לְלִבְאֹתָיו וַיְמַלֵּא־טֶרֶף חֹרָיו וּמְעֹנֹתָיו טְרֵפָה׃ הִנְנִי אֵלַיִךְ
נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת וְהִבְעַרְתִּי בֶעָשָׁן רִכְבָּהּ וּכְפִירַיִךְ
תֹּאכַל חָרֶב וְהִכְרַתִּי מֵאֶרֶץ טַרְפֵּךְ וְלֹא־יִשָּׁמַע עוֹד
קוֹל מַלְאָכֵכֵה׃

ג

א הוֹי עִיר דָּמִים כֻּלָּהּ כַּחַשׁ פֶּרֶק מְלֵאָה לֹא יָמִישׁ טָרֶף׃
ב קוֹל שׁוֹט וְקוֹל רַעַשׁ אוֹפָן וְסוּס דֹּהֵר וּמֶרְכָּבָה מְרַקֵּדָה׃
ג פָּרָשׁ מַעֲלֶה וְלַהַב חֶרֶב וּבְרַק חֲנִית וְרֹב חָלָל וְכֹבֶד פָּגֶר
ד וְאֵין קֵצֶה לַגְּוִיָּה יִכְשְׁלוּ בִּגְוִיָּתָם׃ מֵרֹב זְנוּנֵי זוֹנָה טוֹבַת
חֵן בַּעֲלַת כְּשָׁפִים הַמֹּכֶרֶת גּוֹיִם בִּזְנוּנֶיהָ וּמִשְׁפָּחוֹת
ה בִּכְשָׁפֶיהָ׃ הִנְנִי אֵלַיִךְ נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת וְגִלֵּיתִי שׁוּלַיִךְ
ו עַל־פָּנָיִךְ וְהַרְאֵיתִי גוֹיִם מַעְרֵךְ וּמַמְלָכוֹת קְלוֹנֵךְ׃ וְהִשְׁלַכְתִּי
ז עָלַיִךְ שִׁקֻּצִים וְנִבַּלְתִּיךְ וְשַׂמְתִּיךְ כְּרֹאִי׃ וְהָיָה כָל־רֹאַיִךְ
יִדּוֹד מִמֵּךְ וְאָמַר שָׁדְּדָה נִינְוֵה מִי יָנוּד לָהּ מֵאַיִן אֲבַקֵּשׁ
ח מְנַחֲמִים לָךְ׃ הֲתֵיטְבִי מִנֹּא אָמוֹן הַיֹּשְׁבָה בַּיְאֹרִים מַיִם
ט סָבִיב לָהּ אֲשֶׁר־חֵיל יָם מִיָּם חוֹמָתָהּ׃ כּוּשׁ עָצְמָה וּמִצְרַיִם
י וְאֵין קֵצֶה פּוּט וְלוּבִים הָיוּ בְּעֶזְרָתֵךְ׃ גַּם־הִיא לַגֹּלָה
הָלְכָה בַּשֶּׁבִי גַּם עֹלָלֶיהָ יְרֻטְּשׁוּ בְּרֹאשׁ כָּל־חוּצוֹת וְעַל־
יא נִכְבַּדֶּיהָ יַדּוּ גוֹרָל וְכָל־גְּדוֹלֶיהָ רֻתְּקוּ בַזִּקִּים׃ גַּם־אַתְּ

ג, ג׳ ובכת״י קי

8 און די מלכּה ווערט אַן אָפּגעדעקטע אַוועקגענומען,
און אירע דינסטן קלאָגן
אַזוי ווי דער קול פון טויבן,
זיך קלאַפּנדיק אויף די הערצער.
9 און נינוה איז ווי אַ טייך וואַסער
פון זינט די טעג וואָס זי איז;
אָבער זיי אַנטלויפן;
„שטייט! שטייט!"
אָבער קיינער קערט זיך ניט אום.
10 רויבט זילבער, רויבט גאָלד,
ניטאָ קיין שיעור צו דעם אויסשטאַט,
אַ רייכטום פון אַלע גלוסטיקע זאַכן.
11 זי ווערט פּוסט און וויסט און פּאַרוויסטא,
און דאָס האַרץ ווערט צעגאַנגען,
און אַ וואַקלעניש פון קני,
און אַ ציטערניש אין אַלע לענדן;
און זייערע אַלעמענס פּנימער
נעמען אָן אַ פינצטערניש.
12 ווו איז די וווינונג פון די לייבן,
וואָס איז געווען דער פיטערפּלאַץ פאַר יונגלייבן,
וואָס דאָרטן איז אומגעגאַנגען דער לייב, די לייבינטע,
דאָס קליינע לייבל, און קיינער האָט ניט געשראָקן?
13 דער לייב פּלעגט פאַרצוקן גענוג פאַר זיינע יונגע,
און ווערגן פאַר זיינע לייבינטעס,
און האָט אָנגעפילט מיט פאַרצוקונג זיינע לעכער,
און זיינע וווינונגען מיט פאַרצוקטע.
14 זע, איך וועל קומען אויף דיר, זאָגט גאָט פון צבאות,
און איך וועל פאַרברענען אויף רויך אירע רייטוועגן,
און דיינע יונגלייבן וועט פאַרצערן די שווערד;
און איך וועל פאַרשניידן פון דער ערד דיין רויב,
און מער וועט ניט געהערט ווערן דער קול פון דיינע
שלוחים.

ג 1 ווי די בלוטיקע שטאָט,
אין גאַנצן מיט פאַלשקייט, מיט רויב, אָנגעפילט!
עס טוט זיך ניט אָפּ די פאַרצוקונג.
2 אַ קנאַל פון בייטשן,
און אַ רעש־געפּילדער פון רעדער,
און פערד יאָגן,
און רייטוועגן שפּרינגען;
3 רייטער שטורעמען אַרויף,
און פלאַם פון שווערד,
און בליץ פון שפּיז,
און אַ סך דערשלאָגענע,
און אַ הויפן פּגרים,
און אָן שיעור טויטע לייבער;
און זיי שטרויכלען אָן זייערע טויטע לייבער.
4 פון וועגן די פיל זנותן
פון דער וויל־חֵנעוודיקער זונה,
דער מייַנסטערין פון כּישוף,
וואָס פאַרקויפט פעלקער מיט אירע זנותן
און משפּחות מיט אירע כּישופן.
5 זע, איך קום צו דיר, זאָגט גאָט פון צבאות,
און איך וועל אויפדעקן דיינע ברעגן אויף דיין פּנים,
און וועל וויזן די פעלקער דיין נאַקעטקייט,
און די קיניגרייכן דיין שאַנד.
6 און איך וועל אַרויפוואַרפן אויף דיר אומווערדיקייטן,
און וועל דיך פאַרמיאוסן, און דיך מאַכן ווי מיסטב.
7 און עס וועט זיין, אַלע וואָס זעען דיךב,
וועלן וויַיכן פון דיר,
און זאָגן: „פאַרוויסט געוואָרן איז נינוה;
ווער קען זי באַקלאָגן?
פון וואַנען זאָל איך זוכן טרייסטער פאַר דיר?"
8 ביסטו דען בעסער פון נוא־אָמון,
וואָס איז געזעסן צווישן טייכן, מיט וואַסער אַרום איר;
וואָס איר פעסטונג איז געווען דער ים,
פון ים איז געווען איר מויער?
9 כּוש איז געווען אַ שטאַרקייט, און מצרים אָן שיעור,
פּוט און לובים זיינען געווען דיר צו הילף.
10 אָבער אויך זי איז אין גלות,
אין געפאַנגענשאַפט איז זי געגאַנגען;
אויך אירע קליינע קינדער זיינען צעהאַקט געוואָרן
אין אַלע עק גאַסן;
און אויף אירע נִכבּדים
האָט מען גורל געוואָרפן,
און אַלע אירע גרויסע לייט
זיינען אין קייטן געשמידט געוואָרן.

א וואָרטשפּיל: בוקה ומבוקה ומבֻלָּקה.

ב וואָרטשפּיל: כְּראִי–ראַיִך.

11 דו אויך וועסט שיכּור ווערן,
וועסט זיין אַ געחלשטע,
דו אויך וועסט זוכן
אַ באַשיצונג פון פיינט.

12 אַלע דיינע פעסטונגען וועלן זיין
ווי פייגנביימער מיט ערשטפייגן:
וואָס אַז זיי ווערן געטרייסלט,
פאַלן זיי דעם עסער אין מויל.
13 זע, דיין פאָלק אין דיר זיינען ווייבער,
אָפן געעפנט געוואָרן פאַר דיינע פיינט
זיינען די טויערן פון דיין לאַנד,
פאַרצערט האָט אַ פייער דיינע ריגלען.
14 וואַסער פאַר באַלעגערונג שעפ דיר אָן,
פאַרשטאַרק דיינע פעסטונגען,
גיי אין ליים און טרעט וואַפנע,
נעם אָן די ציגלפורעם.
15 דענסמאָל וועט דיך אַ פייער פאַרצערן,
אַ שווערד וועט דיך פאַרשניידן;
זי וועט דיך אויפעסן ווי דער היישעריק;
מעגסט זיך מערן ווי דער היישעריק,
מעגסט זיך מערן ווי דער גריל.
16 האָסט געמערט דיינע האַנדלסלייט מער פון די שטערן
פון הימל–
האָט דער היישעריק זיך אויסגעשפּרייט און איז
אַוועקגעפלויגן.
17 דיינע געקרוינטע זיינען ווי גרילן,
און דיינע פירער ווי אַ מחנה היישעריקן,
וואָס לאַגערן אויף די פלויטן אין אַ קאַלטן טאָג;

יב תִּשְׁכְּרִי תְּהִי נַעֲלָמָה גַּם־אַתְּ תְּבַקְשִׁי מָעוֹז מֵאוֹיֵב׃ כָּל־
מִבְצָרַיִךְ תְּאֵנִים עִם־בִּכּוּרִים אִם־יִנּוֹעוּ וְנָפְלוּ עַל־פִּי
יג אוֹכֵל׃ הִנֵּה עַמֵּךְ נָשִׁים בְּקִרְבֵּךְ לְאֹיְבַיִךְ פָּתוֹחַ נִפְתְּחוּ
יד שַׁעֲרֵי אַרְצֵךְ אָכְלָה אֵשׁ בְּרִיחָיִךְ׃ מֵי מָצוֹר שַׁאֲבִי־לָךְ
חַזְּקִי מִבְצָרָיִךְ בֹּאִי בַטִּיט וְרִמְסִי בַחֹמֶר הַחֲזִיקִי מַלְבֵּן׃
טו שָׁם תֹּאכְלֵךְ אֵשׁ תַּכְרִיתֵךְ חֶרֶב תֹּאכְלֵךְ כַּיָּלֶק הִתְכַּבֵּד
טז כַּיֶּלֶק הִתְכַּבְּדִי כָּאַרְבֶּה׃ הִרְבֵּית רֹכְלַיִךְ מִכּוֹכְבֵי הַשָּׁמָיִם
יז יֶלֶק פָּשַׁט וַיָּעֹף׃ מִנְּזָרַיִךְ כָּאַרְבֶּה וְטַפְסְרַיִךְ כְּגוֹב גֹּבָי
הַחוֹנִים בַּגְּדֵרוֹת בְּיוֹם קָרָה שֶׁמֶשׁ זָרְחָה וְנוֹדַד וְלֹא־נוֹדַע
יח מְקוֹמוֹ אַיָּם׃ נָמוּ רֹעֶיךָ מֶלֶךְ אַשּׁוּר יִשְׁכְּנוּ אַדִּירֶיךָ נָפֹשׁוּ
יט עַמְּךָ עַל־הֶהָרִים וְאֵין מְקַבֵּץ׃ אֵין־כֵּהָה לְשִׁבְרֶךָ נַחְלָה
מַכָּתֶךָ כֹּל ׀ שֹׁמְעֵי שִׁמְעֲךָ תָּקְעוּ כַף עָלֶיךָ כִּי עַל־מִי לֹא־
עָבְרָה רָעָתְךָ תָּמִיד׃

גייט אויף די זון, אַזוי פליען זיי אַוועק,
און מע ווייסט ניט זייער אָרט ווו זיי זיינען.
18 איינגעשלאָפן זיינען דיינע פאַסטוכער, מלך פון אַשור,
עס רוען דיינע מאַכטיקע,
צעשפּרייט אויף די בערג איז דיין פאָלק,
און ניטאָ ווער זאָל איינזאַמלען.
19 ניטאָ קיין לינדערונג פאַר דיין בראָך,
שווער איז דיין ווונד;
אַלע וואָס הערן דיין הערונג,
קלאַפּן מיט די הענט אויף דיר,
וואָרום אויף וועמען איז ניט אַריבער תּמיד דיין בייז?

# חֲבַקּוּק

א 1 די נבואה וואָס חֲבַקּוּק דער נביא האָט געזען.
2 ביז וואַנען, גאָט, וועל איך רופן,
און דו וועסט ניט הערן?
שרייען צו דיר געוואַלט,
און דו וועסט ניט העלפן?
3 פאַרוואָס לאָזטו מיך זען אומרעכט,
און קוקסט־צו אומגליק?
און רויב און גזלה זיינען פאַר מיר,
און עס איז קריג, און שטרייט הייבט זיך אויף.
4 דרום איז אָפּגעשלאַפט די תּורה,
און קיינמאָל קומט ניט אַרויס אַ משפּט;
ווייל דער רשע רינגלט אַרום דעם צדיק,
דרום קומט אַרויס דער משפּט פאַרדרייט.

5 זעט ביי די פעלקער און קוקט־צו,
און וונדערן פאַרוונדערט אייך,

א הַמַּשָּׂא אֲשֶׁר חָזָה חֲבַקּוּק הַנָּבִיא׃ עַד־אָנָה יְהוָה שִׁוַּעְתִּי
ב
ג וְלֹא תִשְׁמָע אֶזְעַק אֵלֶיךָ חָמָס וְלֹא תוֹשִׁיעַ׃ לָמָּה תַרְאֵנִי
אָוֶן וְעָמָל תַּבִּיט וְשֹׁד וְחָמָס לְנֶגְדִּי וַיְהִי רִיב וּמָדוֹן יִשָּׂא׃
ד עַל־כֵּן תָּפוּג תּוֹרָה וְלֹא־יֵצֵא לָנֶצַח מִשְׁפָּט כִּי רָשָׁע
ה מַכְתִּיר אֶת־הַצַּדִּיק עַל־כֵּן יֵצֵא מִשְׁפָּט מְעֻקָּל׃ רְאוּ
בַגּוֹיִם וְהַבִּיטוּ וְהִתַּמְּהוּ תְּמָהוּ כִּי־פֹעַל פֹּעֵל בִּימֵיכֶם לֹא
ו תַאֲמִינוּ כִּי יְסֻפָּר׃ כִּי־הִנְנִי מֵקִים אֶת־הַכַּשְׂדִּים הַגּוֹי
הַמַּר וְהַנִּמְהָר הַהוֹלֵךְ לְמֶרְחֲבֵי־אֶרֶץ לָרֶשֶׁת מִשְׁכָּנוֹת

וואָרום אַ טואונג טוט מען אין אַייערע טעג
איר וועט ניט גלויבן, אַז עס וועט דערציילט ווערן.
6 וואָרום זעט, איך מאַך אויפשטיין די כַּשׂדים,
דאָס ביטערע און דאָס האַסטיקע[א] פאָלק,
וואָס גייט איבער דער ברייט פון דער ערד,
צו אַרבן וווינונגען ניט זיינע.

[א] וואָרטשפּיל: הַמַּר וְהַנִּמְהָר.

ז לֵאלֹהוֹ׃ אָיֹם וְנוֹרָא הוּא מִמֶּנּוּ מִשְׁפָּטוֹ וּשְׂאֵתוֹ יֵצֵא׃
ח וְקַלּוּ מִנְּמֵרִים סוּסָיו וְחַדּוּ מִזְּאֵבֵי עֶרֶב וּפָשׁוּ פָּרָשָׁיו
ט וּפָרָשָׁיו מֵרָחוֹק יָבֹאוּ יָעֻפוּ כְּנֶשֶׁר חָשׁ לֶאֱכוֹל׃ כֻּלֹּה
לְחָמָס יָבוֹא מְגַמַּת פְּנֵיהֶם קָדִימָה וַיֶּאֱסֹף כַּחוֹל שֶׁבִי׃
י וְהוּא בַּמְּלָכִים יִתְקַלָּס וְרֹזְנִים מִשְׂחָק לוֹ הוּא לְכָל־מִבְצָר
יא יִשְׂחָק וַיִּצְבֹּר עָפָר וַיִּלְכְּדָהּ׃ אָז חָלַף רוּחַ וַיַּעֲבֹר וְאָשֵׁם
יב זוּ כֹחוֹ לֵאלֹהוֹ׃ הֲלוֹא אַתָּה מִקֶּדֶם יְהוָה אֱלֹהַי קְדֹשִׁי
לֹא נָמוּת יְהוָה לְמִשְׁפָּט שַׂמְתּוֹ וְצוּר לְהוֹכִיחַ יְסַדְתּוֹ׃
יג טְהוֹר עֵינַיִם מֵרְאוֹת רָע וְהַבִּיט אֶל־עָמָל לֹא תוּכָל לָמָּה
יד תַבִּיט בּוֹגְדִים תַּחֲרִישׁ בְּבַלַּע רָשָׁע צַדִּיק מִמֶּנּוּ׃ וַתַּעֲשֶׂה
טו אָדָם כִּדְגֵי הַיָּם כְּרֶמֶשׂ לֹא־מֹשֵׁל בּוֹ׃ כֻּלֹּה בְּחַכָּה הֵעֲלָה
יְגֹרֵהוּ בְחֶרְמוֹ וְיַאַסְפֵהוּ בְּמִכְמַרְתּוֹ עַל־כֵּן יִשְׂמַח וְיָגִיל׃
טז עַל־כֵּן יְזַבֵּחַ לְחֶרְמוֹ וִיקַטֵּר לְמִכְמַרְתּוֹ כִּי בָהֵמָּה שָׁמֵן
יז חֶלְקוֹ וּמַאֲכָלוֹ בְּרִאָה׃ הַעַל כֵּן יָרִיק חֶרְמוֹ וְתָמִיד לַהֲרֹג
גּוֹיִם לֹא יַחְמוֹל׃

ב

א עַל־מִשְׁמַרְתִּי אֶעֱמֹדָה וְאֶתְיַצְּבָה עַל־מָצוֹר וַאֲצַפֶּה לִרְאוֹת
ב מַה־יְדַבֶּר־בִּי וּמָה אָשִׁיב עַל־תּוֹכַחְתִּי׃ וַיַּעֲנֵנִי יְהוָה
וַיֹּאמֶר כְּתוֹב חָזוֹן וּבָאֵר עַל־הַלֻּחוֹת לְמַעַן יָרוּץ קוֹרֵא בוֹ׃
ג כִּי עוֹד חָזוֹן לַמּוֹעֵד וְיָפֵחַ לַקֵּץ וְלֹא יְכַזֵּב אִם־יִתְמַהְמָהּ
ד חַכֵּה־לוֹ כִּי־בֹא יָבֹא לֹא יְאַחֵר׃ הִנֵּה עֻפְּלָה לֹא־יָשְׁרָה
ה נַפְשׁוֹ בּוֹ וְצַדִּיק בֶּאֱמוּנָתוֹ יִחְיֶה׃ וְאַף כִּי־הַיַּיִן בּוֹגֵד גֶּבֶר
יָהִיר וְלֹא יִנְוֶה אֲשֶׁר הִרְחִיב כִּשְׁאוֹל נַפְשׁוֹ וְהוּא כַמָּוֶת
וְלֹא יִשְׂבָּע וַיֶּאֱסֹף אֵלָיו כָּל־הַגּוֹיִם וַיִּקְבֹּץ אֵלָיו כָּל־הָעַמִּים׃
ו הֲלוֹא־אֵלֶּה כֻלָּם עָלָיו מָשָׁל יִשָּׂאוּ וּמְלִיצָה חִידוֹת לוֹ
וְיֹאמַר הוֹי הַמַּרְבֶּה לֹּא־לוֹ עַד־מָתַי וּמַכְבִּיד עָלָיו עַבְטִיט׃
ז הֲלוֹא פֶתַע יָקוּמוּ נֹשְׁכֶיךָ וְיִקְצוּ מְזַעְזְעֶיךָ וְהָיִיתָ לִמְשִׁסּוֹת

א, י׳ קמץ בז״ק   טו׳ כצ״ל   ב, ה׳ ו׳ קמץ בז״ק

7 פאָרכטיק און מוראדיק איז ער,
פון אים אַליין גייט אַרויס זיין רעכט און זיין מאַכט.
8 און פלינקער פון לעמפּערטן זיינען זיינע פערד,
און שאַרפער פון אָוונטוועלף;
און זיינע רייטער פאַרשפּרייטן זיך,
יאָ, זיינע רייטער קומען פון דער ווייטן,
זיי פליען ווי אַן אָדלער וואָס אַיילט צו פאַרצערן.
9 זיי אַלע קומען אויף רויב,
דאָס ציען פון זייערע פּנימער איז פאַרויס צו;
און ער זאַמלט ווי זאַמד געפאַנגענע.
10 און ער שפּאָט פון מלכים,
און פירשטן זיינען אַ שפּילכל ביי אים;
ער לאַכט פון איטלעכער פעסטונג,
וואָרום ער שיט אָן ערד, און באַצווינגט זי.
11 דענסמאָל גייט אים אַריבער אַ גייסט,
און ער טרעט איבער און פאַרשולדיקט זיך;
זיין דאָזיקער כּוח ווערט ביי אים צום גאָט.

12 פאַרוואָר, דו ביסט דאָך פון אייביק אָן,
יהוה מיין גאָט, מיין הייליקער,
לאָמיר ניט אומקומען;
גאָט, דו האָסט אים פאַר אַ משפּט געמאַכט,
און דו, פעלז, האָסט אים צו שטראָפן געשטעלט.
13 דיינע אויגן זיינען צו ריין צו זען שלעכטס,
און צוקוקן אומרעכט קענסטו ניט;
פאַרוואָס קוקסטו־צו די וואָס פעלשן,
שווייגסט ווען דער רשע שלינגט איין
דעם וואָס איז גערעכטער פון אים?
14 און האָסט געמאַכט מענטשן ווי די פישן פון ים,
ווי ווערים אָן אַ געוועלטיקער איבער זיי;
15 ער ציט זיי אַלע אַרויף מיט אַ ווענטקע,
ער שלעפּט זיי אַרויף אין דער נעץ,
און ער זאַמלט זיי איין אין זיין פאַנגנעץ;
דרום פרייט ער זיך און קוועלט.
16 דרום שלאַכט ער צו זיין נעץ,
און רייכערט צו זיין פאַנגנעץ,
וואָרום דורך זיי איז פעט זיין חלק,
און זיין עסן איז זאַפטיק.
17 זאָל ער דרום אויסליידיקן זיין נעץ,
און תּמיד הרגען פעלקער אָן דערבאַרימונג?

ב 1 איך שטיי אויף מיין וואַך,
און איך שטעל זיך אויפן טורעם,
און קוק צו זען וואָס ער וועט מיט מיר רעדן,
און איך זאָל ענטפערן, אויף דער טענה צו מיר.
2 האָט מיר גאָט געענטפערט און געזאָגט,
פאַרשרייב די זעאונג,
און פאַרצייכן קלאָר אויף טאָוולען,
כּדי מע זאָל עס געלויפיק לייענען.
3 וואָרום די זעאונג איז נאָך אויף אַ צייט,
און זי רעדט פון דעם קץ[א], און זאָגט ניט קיין ליגן;
אויב ער וועט זיך זאַמען, טו האַרן אויף אים,
וואָרום קומען וועט ער קומען, ער וועט ניט פאַרשפּעטיקן.

4 זע, האָפערדיק, ניט רעכטפאַרטיק, איז זיין זעל אין אים,
אָבער דער גערעכטער לעבט מיט זיין אמונה.
5 און פאַרוואָר, ווי דער וויין טוט פעלשן,
אַזוי וועט דער שטאָלצער מענטש ניט אָנהאַלטן;
דער וואָס מאַכט ברייט ווי די אונטערערד זיין באַגער,
און ער ווערט ווי דער טויט ניט זאַט,
און זאַמלט צו זיך אַלע פעלקער,
און קלייבט צו זיך אַלע אומות.
6 פאַרוואָר, די אַלע וועלן אויפהייבן אַ משל אויף אים,
און אַ שפּאָטרעטעניש איבער אים,
און מע וועט זאָגן: וויי, דער וואָס מערט ניט־זיינס–
ביז וואַנען?–און לאָדט אויף זיך חובות!
7 פאַרוואָר, פּלוצלינג וועלן אויפשטיין דיינע צינזמאָנער,
און דערוועקן וועלן זיך דיינע אויפטרייסלער,
און וועסט ווערן צו רויב פאַר זיי.

[א] דער סוף, די גאולה.

ח לָמוֹ׃ כִּי־אַתָּה שַׁלּוֹתָ גּוֹיִם רַבִּים יְשָׁלּוּךָ כָּל־יֶתֶר עַמִּים
ט מִדְּמֵי אָדָם וַחֲמַס־אֶרֶץ קִרְיָה וְכָל־יֹשְׁבֵי בָהּ׃ הוֹי
בֹּצֵעַ בֶּצַע רָע לְבֵיתוֹ לָשׂוּם בַּמָּרוֹם קִנּוֹ לְהִנָּצֵל מִכַּף־רָע׃
י יָעַצְתָּ בֹּשֶׁת לְבֵיתֶךָ קְצוֹת־עַמִּים רַבִּים וְחוֹטֵא נַפְשֶׁךָ׃
יא יב כִּי־אֶבֶן מִקִּיר תִּזְעָק וְכָפִיס מֵעֵץ יַעֲנֶנָּה׃ הוֹי בֹּנֶה
יג עִיר בְּדָמִים וְכוֹנֵן קִרְיָה בְּעַוְלָה׃ הֲלוֹא הִנֵּה מֵאֵת יְהוָה
צְבָאוֹת וְיִיגְעוּ עַמִּים בְּדֵי־אֵשׁ וּלְאֻמִּים בְּדֵי־רִיק יִעָפוּ׃
יד כִּי תִּמָּלֵא הָאָרֶץ לָדַעַת אֶת־כְּבוֹד יְהוָה כַּמַּיִם יְכַסּוּ
טו עַל־יָם׃ הוֹי מַשְׁקֵה רֵעֵהוּ מְסַפֵּחַ חֲמָתְךָ וְאַף שַׁכֵּר
טז לְמַעַן הַבִּיט עַל־מְעוֹרֵיהֶם׃ שָׂבַעְתָּ קָלוֹן מִכָּבוֹד שְׁתֵה
גַם־אַתָּה וְהֵעָרֵל תִּסּוֹב עָלֶיךָ כּוֹס יְמִין יְהוָה וְקִיקָלוֹן עַל־
יז כְּבוֹדֶךָ׃ כִּי־חֲמַס לְבָנוֹן יְכַסֶּךָּ וְשֹׁד בְּהֵמוֹת יְחִיתַן מִדְּמֵי
יח אָדָם וַחֲמַס־אֶרֶץ קִרְיָה וְכָל־יֹשְׁבֵי בָהּ׃ מָה־הוֹעִיל פֶּסֶל
כִּי פְסָלוֹ יֹצְרוֹ מַסֵּכָה וּמוֹרֶה שָּׁקֶר כִּי בָטַח יֹצֵר יִצְרוֹ
יט עָלָיו לַעֲשׂוֹת אֱלִילִים אִלְּמִים׃ הוֹי אֹמֵר לָעֵץ הָקִיצָה
עוּרִי לְאֶבֶן דּוּמָם הוּא יוֹרֶה הִנֵּה־הוּא תָּפוּשׂ זָהָב וָכֶסֶף
כ וְכָל־רוּחַ אֵין בְּקִרְבּוֹ׃ וַיהוָה בְּהֵיכַל קָדְשׁוֹ הַס מִפָּנָיו
כָּל־הָאָרֶץ׃

ג

א ב תְּפִלָּה לַחֲבַקּוּק הַנָּבִיא עַל שִׁגְיֹנוֹת׃ יְהוָה שָׁמַעְתִּי שִׁמְעֲךָ
יָרֵאתִי יְהוָה פָּעָלְךָ בְּקֶרֶב שָׁנִים חַיֵּיהוּ בְּקֶרֶב שָׁנִים
ג תּוֹדִיעַ בְּרֹגֶז רַחֵם תִּזְכּוֹר׃ אֱלוֹהַּ מִתֵּימָן יָבוֹא וְקָדוֹשׁ
מֵהַר־פָּארָן סֶלָה כִּסָּה שָׁמַיִם הוֹדוֹ וּתְהִלָּתוֹ מָלְאָה
ד הָאָרֶץ׃ וְנֹגַהּ כָּאוֹר תִּהְיֶה קַרְנַיִם מִיָּדוֹ לוֹ וְשָׁם חֶבְיוֹן
ה ו עֻזֹּה׃ לְפָנָיו יֵלֶךְ דָּבֶר וְיֵצֵא רֶשֶׁף לְרַגְלָיו׃ עָמַד ׀ וַיְמֹדֶד
אֶרֶץ רָאָה וַיַּתֵּר גּוֹיִם וַיִּתְפֹּצְצוּ הַרְרֵי־עַד שַׁחוּ גִּבְעוֹת
ז עוֹלָם הֲלִיכוֹת עוֹלָם לוֹ׃ תַּחַת אָוֶן רָאִיתִי אָהֳלֵי כוּשָׁן

---

ב, טז׳ למדנחאי אַל   יז׳ הה׳ נפתח   כ׳ הפטרה ליום ב׳ של שבועות   ג, ד׳ עזו ק

8 ווייל דו האָסט באַרויבט פיל פעלקער,
וועלן דיך באַרויבן אַלע איבעריקע אומות;
פון וועגן מענטשנס בלוט, און דעם אומרעכט צום לאַנד,
צו דער שטאָט און אַלע וווינער אין איר.

9 וויי, דער וואָס האָוועט נאָך בייזן געווין פאַר זיין הויז,
צו מאַכן אין דער הייך זיין נעסט,
ניצול צו ווערן פון דער האַנט פון בייז!
10 האָסט באַראָטן שאַנד פאַר דיין הויז;
פאַרשניטן פיל פעלקער,
און פאַרזינדיקט דיין זעל.
11 וואָרום אַ שטיין פון דער וואַנט וועט שרייען,
און אַ באַלקן פון דעם האָלץ וועט אים ענטפערן.
12 וויי, דער וואָס בויט אַ שטאָט מיט בלוט,
און שטעלט אויף אַ כּרך אויף אומרעכט!
13 פאַרוואָר, זע, עס איז פון גאָט פון צבָאוֹת,
אַז פעלקער זאָלן זיך מאַטערן פאַרן פייער,
און אומות זאָלן זיך מיען אומנישט.
14 וואָרום די ערד וועט פול ווערן מיט דערקענונג פון גאָטס פראַכט,
אַזוי ווי די וואַסערן באַדעקן דעם ים.

15 וויי, דער וואָס טרינקט אָן זיין חבר!
מישסט־צו דיין גיפט, און מאַכסט אויך שיכּור,
כּדי צו קוקן אויף זייער נאַקעטקייט!
16 האָסט זיך געזעטיקט מיט שאַנד אָנשטאָט כּבוד—
טרינק דו אויך און ווער אָפּגעדעקט.
אומדרייען וועט זיך צו דיר דער בעכער פון גאָטס רעכטער האַנט,
און קויט וועט זיין אויף דיין כּבוד.
17 וואָרום דאָס אומרעכט צום לבנון וועט דיך צודעקן,
און די פאַרוויסטונג פון די חיות וואָס האָט זיי צעבראָכן;
פון וועגן מענטשנס בלוט, און דעם אומרעכט צום לאַנד,
צו דער שטאָט און אַלע וווינער אין איר.

18 וואָס נוצט דער געשניצטער געץ,
אַז זיין פורעמער האָט אים אויסגעשניצט?
וואָס דער געגאָסענער געץ, און דער פאַלשער לערער,
אַז דער פורעמער פון זיין פורעמונג האָט זיך פאַרזיכערט דערויף,
צו מאַכן אָפּגעטער שטומע?
19 וויי, דער וואָס זאָגט צו אַ האָלץ: כאַפּ זיך אויף!
דערוועק דיך! צו אַ שטיין אַ שטומען.
ער זאָל לערנען?
זע, ער איז איינגעפאַסט אין גאָלד און זילבער,
און אַ שום אָטעם איז אין אים ניטאָ.
20 אָבער יהוה איז אין זיין הייליקן טעמפּל;
שטיל פאַר אים, די גאַנצע ערד!

ג 1 אַ תּפילה פון חבקוק דעם נביא אויף שגיונות.
2 גאָט, איך האָב געהערט דיין הערונג; איך שרעק מיך;
גאָט, לעב אויף דיין ווערק אין די נאָענטע יאָרן,
אין די נאָענטע יאָרן מאַך עס באַקאַנט;
אין צאָרן געדענק אָן דערבאַרימען.

3 גאָט קומט פון תּימָן,
און דער הייליקער פון באַרג פּאָרָן. סֶלָה.
זיין גלאַנץ באַדעקט די הימלען,
און מיט זיין ליכטיקייט איז פול די ערד.
4 און דער שימער איז ווי זונליכט,
שטראַלן האָט ער פון זיין זייט;
און דאָרטן איז די באַהעלטעניש פון זיין מאַכט.
5 אים פאַרויס גייט די פּעסט,
און דער בליץ גייט אַרויס נאָך זיינע פיס.
6 ער שטייט אויף, און צעטרייסלט די ערד,
ער גיט אַ קוק, און מאַכט שפּרינגען די פעלקער,
און די אייביקע בערג ווערן צעפּיצלט,
די אוראַלטע הייכן פאַלן אַנידער;
דאָס זיינען זיינע אייביקע וועגן.
7 אונטער אומגליק זע איך די געצעלטן פון כּושן,

יִרְגְּז֕וּן יְרִיע֖וֹת אֶ֥רֶץ מִדְיָֽן׃ הֲבִנְהָרִים֙ חָרָ֣ה יְהוָ֔ה אִ֤ם ח
בַּנְּהָרִים֙ אַפֶּ֔ךָ אִם־בַּיָּ֖ם עֶבְרָתֶ֑ךָ כִּ֤י תִרְכַּב֙ עַל־סוּסֶ֔יךָ
מַרְכְּבֹתֶ֖יךָ יְשׁוּעָֽה׃ עֶרְיָ֤ה תֵעוֹר֙ קַשְׁתֶּ֔ךָ שְׁבֻע֥וֹת מַטּ֖וֹת ט
אֹ֣מֶר סֶ֑לָה נְהָר֖וֹת תְּבַקַּע־אָֽרֶץ׃ רָא֤וּךָ יָחִ֙ילוּ֙ הָרִ֔ים זֶ֥רֶם י
מַ֖יִם עָבָ֑ר נָתַ֤ן תְּהוֹם֙ קוֹל֔וֹ ר֖וֹם יָדֵ֥יהוּ נָשָֽׂא׃ שֶׁ֥מֶשׁ יָרֵ֖חַ יא
עָ֣מַד זְבֻ֑לָה לְא֤וֹר חִצֶּ֙יךָ֙ יְהַלֵּ֔כוּ לְנֹ֖גַהּ בְּרַ֥ק חֲנִיתֶֽךָ׃ בְּזַ֖עַם יב
תִּצְעַד־אָ֑רֶץ בְּאַ֖ף תָּד֥וּשׁ גּוֹיִֽם׃ יָצָ֙אתָ֙ לְיֵ֣שַׁע עַמֶּ֔ךָ לְיֵ֖שַׁע יג
אֶת־מְשִׁיחֶ֑ךָ מָחַ֤צְתָּ רֹּאשׁ֙ מִבֵּ֣ית רָשָׁ֔ע עָר֛וֹת יְס֥וֹד עַד־
צַוָּ֖אר סֶֽלָה׃ נָקַ֤בְתָּ בְמַטָּיו֙ רֹ֣אשׁ פְּרָזָ֔ו יִסְעֲר֖וּ לַהֲפִיצֵ֑נִי יד
עֲלִ֣יצֻתָ֔ם כְּמוֹ־לֶאֱכֹ֥ל עָנִ֖י בַּמִּסְתָּֽר׃ דָּרַ֥כְתָּ בַיָּ֖ם סוּסֶ֑יךָ חֹ֖מֶר טו
מַ֥יִם רַבִּֽים׃ שָׁמַ֣עְתִּי ׀ וַתִּרְגַּ֣ז בִּטְנִ֗י לְקוֹל֙ צָלֲל֣וּ שְׂפָתַ֔י יָ֥בוֹא טז
רָקָ֛ב בַּעֲצָמַ֖י וְתַחְתַּ֣י אֶרְגָּ֑ז אֲשֶׁ֤ר אָנ֙וּחַ֙ לְי֣וֹם צָרָ֔ה לַעֲל֖וֹת
לְעַ֥ם יְגוּדֶֽנּוּ׃ כִּֽי־תְאֵנָ֣ה לֹֽא־תִפְרָ֗ח וְאֵ֤ין יְבוּל֙ בַּגְּפָנִ֔ים כִּחֵשׁ֙ יז
מַעֲשֵׂה־זַ֔יִת וּשְׁדֵמ֖וֹת לֹא־עָ֣שָׂה אֹ֑כֶל גָּזַ֤ר מִמִּכְלָה֙ צֹ֔אן וְאֵ֥ין
בָּקָ֖ר בָּרְפָתִֽים׃ וַאֲנִ֖י בַּיהוָ֣ה אֶעְל֑וֹזָה אָגִ֖ילָה בֵּאלֹהֵ֥י יִשְׁעִֽי׃ יח
יְהֹוִ֤ה אֲדֹנָי֙ חֵילִ֔י וַיָּ֤שֶׂם רַגְלַי֙ כָּֽאַיָּל֔וֹת וְעַ֥ל בָּמוֹתַ֖י יַדְרִכֵ֑נִי יט
לַמְנַצֵּ֖חַ בִּנְגִינוֹתָֽי׃

ג, יג׳ ר דגושה  יד׳ פרזו קרי  יז׳ קמץ ברביע  יט׳ עד כאן

די פאָרהאַנגען פון מִדיָן־לאַנד ציטערן.
8 האָט אויף די טייכן, גאָט,
האָט אויף די טייכן געגרימט דיין צאָרן?
צי איז אויף דעם ים דיין כּעס?
וואָס דו רייטסט אויף דיינע פערד,
אויף דיינע רייטוועגן פון ויג?
9 בלויז אַנטבּלויזט איז דיין בויגן,
באַשוואָרן די פיילן פון דיין וואָרט. סֶלָה.
אין טייכן צעשפּאַלטסטו די ערד.
10 געזען דיך—ציטערן די בּערג,
אַ פלייצונג וואַסער איז אַריבּערגעגאַנגען,
דער תּהום האָט אַרויסגעלאָזט זיין קול,
ער האָט אויפגעהויבּן אין דער הייך זיינע הענט.
11 די זון, די לבנה, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין איר ווינונג,
פאַר דעם שיין פון דיינע פיילן וואָס לויפן,
פאַר דעם שימער פון דיין בּליציקן שפּיז.
12 מיט צאָרן שפּרייזטו איבּער דער ערד,
מיט כּעס דרעשסטו די אומות.

13 בּיסט אַרויס צו הילף דיין פאָלק,
צו הילף דיין געזאַלבּטן;
האָסט צעהאַקט דעם קאָפּ, פון דעם רשעס הויז,
האָסט אויפגעדעקט דעם גרונט בּיזן האַלדז. סֶלָה.

14 האָסט צעלעכערט מיט זיינע פיילן דעם קאָפּ פון
זיינע פירער,
וואָס שטורעמען מיך צו צעשפּרייטן;
וואָס זייער פרייד איז ווי אויפצועסן
דעם אָרימאַן אין פאַרבּאָרגעניש.
15 האָסט געטרעטן דעם ים מיט דיינע פערד,
דעם שוים פון די גרויסע וואַסערן.
16 איך האָב געהערט, און מיין לייבּ האָט געציטערט,
פון דעם קָול האָבּן מיינע ליפּן געקלאַפּט;
אַ פוילונג איז אַריין אין מיינע בּיינער,
און איך ציטער אויף מיין אָרט:
אַז איך זאָל זיין בּאַרוט אין טאָג פון נויט,
ווען מע קומט אויפן פאָלק אים צו בּאַפאַלן.

17 פאַרוואָר, דער פייגנבּוים בּליט ניט,
און ניטאָ קיין פרוכט אויף די ווינשטאָקן,
געפעלשט האָט דער אײנקום פון אײלבּערטבּוים,
און די פעלדער גיבּן ניט קיין שפּייז,
פאַרשניטן פון געהעפט איז די שאָף,
און ניטאָ קיין רינדער אין די שטאַלן.
18 אָבּער איך וועל מיך פרייען מיט יהוה,
און לוסטיק זיין מיט דעם גאָט פון מיין הילף.
19 יהוה מיין גאָט איז מיין שטאַרקייט,
און ער מאַכט מיינע פיס ווי די הינדן,
און אויף מיינע הייכן מאַכט ער מיך טרעטן.

פאַר דעם געזאַנגמייסטער. מיט מיין סטרונעשפּיל.

# צְפַנְיָה

דְּבַר־יְהוָ֣ה ׀ אֲשֶׁ֣ר הָיָ֗ה אֶל־צְפַנְיָה֙ בֶּן־כּוּשִׁ֣י בֶן־גְּדַלְיָ֔ה א
בֶּן־אֲמַרְיָ֖ה בֶּן־חִזְקִיָּ֑ה בִּימֵ֛י יֹאשִׁיָּ֥הוּ בֶן־אָמ֖וֹן מֶ֥לֶךְ יְהוּדָֽה׃
אָסֹ֨ף אָסֵ֜ף כֹּ֗ל מֵעַ֛ל פְּנֵ֥י הָאֲדָמָ֖ה נְאֻם־יְהוָֽה׃ אָסֵ֞ף ב ג

א 1 דאָס וואָרט פון גאָט וואָס איז געווען צו צפַניָה דעם זון פון כּושי, דעם זון פון גדַליָה, דעם זון פון אַמַריָה, דעם זון פון חִזקִיָהן, אין די טעג פון יֹאשִיָהו דעם זון פון אָמונען, דעם מלך פון יהודה.
2 פאַרלענדן וועל איך פאַרלענדן אַלצדינג
פון דעם געזיכט פון דער ערד,
זאָגט גאָט.
3 איך וועל פאַרלענדן מענטשן און בּהמות,

איך וועל פאַרלענדן די פויגלען פון הימל, און די פישן
פון ים.
און די שטרויכלונגען אין איינעם מיט די רשעים;
און איך וועל פאַרשניידן דעם מענטשן פון גענזיכט פון
דער ערד,
זאָגט גאָט.
4 און איך וועל אויסשטרעקן מיין האַנט אויף יהודה,
און אויף אַלע באַוווינער פון ירושלַיִם,
און איך וועל פאַרשניידן פון דעמדאָזיקן אָרט
דעם איבערבלייב פון בַּעַל,
דעם נאָמען פון די פריסטער מיט די כֹּהנים;
5 און די וואָס בוקן זיך אויף די דעכער
צו דעם חיל פון הימל,
און די וואָס אי זיי בוקן זיך און שווערן צו יהוה,
אי זיי שווערן ביי מַלְכָּם;
6 און די וואָס טרעטן אָפּ פון הינטער יהוה,
און וואָס זוכן ניט יהוה, און פרעגן זיך ניט אויף אים.

7 שטיל פאַר גאָט דעם האַר!
וואָרום נאָנט איז דער טאָג פון גאָט,
וואָרום גאָט האָט אָנגעברייט אַ שלאַכטונג,
פאַרבעטן זיינע גערופענע.
8 און עס וועט זיין אין דעם טאָג פון גאָטס שלאַכטונג,
וועל איך זיך רעכענען מיט די האַרן,
און מיט דעם מלכס זין,
און מיט אַלע וואָס קליידן זיך אין פרעמדלענדישע
קליידער.
9 און איך וועל זיך רעכענען אין יענעם טאָג
מיט אַלע וואָס שפרינגען איבערן שוועל,
וואָס פילן אָן דאָס הויז פון זייער האַר
מיט אומרעכט און באַטרוג.

10 און אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט,
וועט זיין אַ קָול פון געשריי פון דעם פישטויער,
און אַ יללה פון צווייטן שטאָטפערטל,
און אַ גרויסער בראָך פון די בערג.
11 יאָמערט, איר באַוווינער פון מַכְתֵּשׁ,
וואָרום אומגעקומען איז דאָס גאַנצע האַנדלפאָלק,
פאַרשניטן געוואָרן אַלע אָנגעלאָדענע מיט זילבער.
12 און עס וועט זיין אין יענער צייט,
וועל איך דורכזוכן ירושלַיִם מיט ליכט,
און איך וועל זיך רעכענען מיט די לייט
וואָס גליווערן אויף זייערע הייוון,
וואָס זאָגן אין זייער האַרצן:
ניט גוטס טאָן קען גאָט און ניט שלעכטס טאָן.
13 און זייער פאַרמעג וועט זיין צו רויב,
און זייערע הייזער צו וויסט;
און זיי וועלן בויען הייזער, און ניט באַוווינען,
און פלאַנצן וויינגערטנער, און ניט טרינקען זייער וויין.
14 נאָנט איז דער גרויסער טאָג פון גאָט,
נאָנט און געשווינט זייער;

אָדָם וּבְהֵמָה אָסֵף עוֹף־הַשָּׁמַיִם וּדְגֵי הַיָּם וְהַמַּכְשֵׁלוֹת
אֶת־הָרְשָׁעִים וְהִכְרַתִּי אֶת־הָאָדָם מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה
ד נְאֻם־יְהוָה׃ וְנָטִיתִי יָדִי עַל־יְהוּדָה וְעַל כָּל־יוֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלָםִ
וְהִכְרַתִּי מִן־הַמָּקוֹם הַזֶּה אֶת־שְׁאָר הַבַּעַל אֶת־שֵׁם
ה הַכְּמָרִים עִם־הַכֹּהֲנִים׃ וְאֶת־הַמִּשְׁתַּחֲוִים עַל־הַגַּגּוֹת
לִצְבָא הַשָּׁמָיִם וְאֶת־הַמִּשְׁתַּחֲוִים הַנִּשְׁבָּעִים לַיהוָה
ו וְהַנִּשְׁבָּעִים בְּמַלְכָּם׃ וְאֶת־הַנְּסוֹגִים מֵאַחֲרֵי יְהוָה וַאֲשֶׁר
ז לֹא־בִקְשׁוּ אֶת־יְהוָה וְלֹא דְרָשֻׁהוּ׃ הַס מִפְּנֵי אֲדֹנָי יֱהוִה
כִּי קָרוֹב יוֹם יְהוָה כִּי־הֵכִין יְהוָה זֶבַח הִקְדִּישׁ קְרֻאָיו׃
ח וְהָיָה בְּיוֹם זֶבַח יְהוָה וּפָקַדְתִּי עַל־הַשָּׂרִים וְעַל־
ט בְּנֵי הַמֶּלֶךְ וְעַל כָּל־הַלֹּבְשִׁים מַלְבּוּשׁ נָכְרִי׃ וּפָקַדְתִּי
עַל כָּל־הַדּוֹלֵג עַל־הַמִּפְתָּן בַּיּוֹם הַהוּא הַמְמַלְאִים בֵּית
י אֲדֹנֵיהֶם חָמָס וּמִרְמָה׃ וְהָיָה בַיּוֹם הַהוּא נְאֻם־
יְהוָה קוֹל צְעָקָה מִשַּׁעַר הַדָּגִים וִילָלָה מִן־הַמִּשְׁנֶה וְשֶׁבֶר
יא גָּדוֹל מֵהַגְּבָעוֹת׃ הֵילִילוּ יֹשְׁבֵי הַמַּכְתֵּשׁ כִּי נִדְמָה כָּל־
יב עַם כְּנַעַן נִכְרְתוּ כָּל־נְטִילֵי כָסֶף׃ וְהָיָה בָּעֵת
הַהִיא אֲחַפֵּשׂ אֶת־יְרוּשָׁלַםִ בַּנֵּרוֹת וּפָקַדְתִּי עַל־הָאֲנָשִׁים
הַקֹּפְאִים עַל־שִׁמְרֵיהֶם הָאֹמְרִים בִּלְבָבָם לֹא־יֵיטִיב יְהוָה
יג וְלֹא יָרֵעַ׃ וְהָיָה חֵילָם לִמְשִׁסָּה וּבָתֵּיהֶם לִשְׁמָמָה וּבָנוּ
יד בָתִּים וְלֹא יֵשֵׁבוּ וְנָטְעוּ כְרָמִים וְלֹא יִשְׁתּוּ אֶת־יֵינָם׃ קָרוֹב
יוֹם־יְהוָה הַגָּדוֹל קָרוֹב וּמַהֵר מְאֹד קוֹל יוֹם יְהוָה מַר
טו צֹרֵחַ שָׁם גִּבּוֹר׃ יוֹם עֶבְרָה הַיּוֹם הַהוּא יוֹם צָרָה
וּמְצוּקָה יוֹם שֹׁאָה וּמְשׁוֹאָה יוֹם חֹשֶׁךְ וַאֲפֵלָה יוֹם עָנָן
טז וַעֲרָפֶל׃ יוֹם שׁוֹפָר וּתְרוּעָה עַל הֶעָרִים הַבְּצֻרוֹת וְעַל
יז הַפִּנּוֹת הַגְּבֹהוֹת׃ וַהֲצֵרֹתִי לָאָדָם וְהָלְכוּ כַּעִוְרִים כִּי
יח לַיהוָה חָטָאוּ וְשֻׁפַּךְ דָּמָם כֶּעָפָר וּלְחֻמָם כַּגְּלָלִים׃ גַּם־
כַּסְפָּם גַּם־זְהָבָם לֹא־יוּכַל לְהַצִּילָם בְּיוֹם עֶבְרַת יְהוָה

יז׳ מלרע

האַרך! דער טאָג פון גאָט!
ביטער שרייט דענסמאָל דער גיבור.
15 אַ טאָג פון צאָרן איז יענער טאָג,
אַ טאָג פון נויט און קלעם,
אַ טאָג פון וויסטקייט און פאַרוויסטונג,
אַ טאָג פון חושך און פינצטערניש,
אַ טאָג פון וואָלקן און נעבל,
16 אַ טאָג פון שופר און שאַלונג
אַקעגן די באַפעסטיקטע שטעט,
און אַקעגן די הויכע טורעמס.
17 און איך וועל ענג מאַכן די מענטשן,
און זיי וועלן אומגיין ווי בלינדע,
ווייל זיי האָבן צו גאָט געזינדיקט;
און זייער בלוט וועט פאַרגאָסן ווערן ווי שטויב,
און זייער פלייש ווי מיסט.
18 אַפילו זייער זילבער, אַפילו זייער גאָלד,
וועט זיי ניט קענען מציל זיין אין טאָג פון גאָטס צאָרן;

וּבְאֵשׁ קִנְאָתוֹ תֵּאָכֵל כָּל־הָאָרֶץ כִּי כָלָה אַךְ־נִבְהָלָה יַעֲשֶׂה
אֵת כָּל־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ׃

## ב

הִתְקוֹשְׁשׁוּ וָקוֹשּׁוּ הַגּוֹי לֹא נִכְסָף׃ בְּטֶרֶם לֶדֶת חֹק כְּמֹץ א ב
עָבַר יוֹם בְּטֶרֶם ׀ לֹא־יָבוֹא עֲלֵיכֶם חֲרוֹן אַף־יְהוָה בְּטֶרֶם
לֹא־יָבוֹא עֲלֵיכֶם יוֹם אַף־יְהוָה׃ בַּקְּשׁוּ אֶת־יְהוָה כָּל־עַנְוֵי ג
הָאָרֶץ אֲשֶׁר מִשְׁפָּטוֹ פָּעָלוּ בַּקְּשׁוּ־צֶדֶק בַּקְּשׁוּ עֲנָוָה אוּלַי
תִּסָּתְרוּ בְּיוֹם אַף־יְהוָה׃ כִּי עַזָּה עֲזוּבָה תִהְיֶה וְאַשְׁקְלוֹן ד
לִשְׁמָמָה אַשְׁדּוֹד בַּצָּהֳרַיִם יְגָרְשׁוּהָ וְעֶקְרוֹן תֵּעָקֵר׃
הוֹי יֹשְׁבֵי חֶבֶל הַיָּם גּוֹי כְּרֵתִים דְּבַר־יְהוָה עֲלֵיכֶם כְּנַעַן ה
אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים וְהַאֲבַדְתִּיךְ מֵאֵין יוֹשֵׁב׃ וְהָיְתָה חֶבֶל הַיָּם ו
נְוֹת כְּרֹת רֹעִים וְגִדְרוֹת צֹאן׃ וְהָיָה חֶבֶל לִשְׁאֵרִית בֵּית ז
יְהוּדָה עֲלֵיהֶם יִרְעוּן בְּבָתֵּי אַשְׁקְלוֹן בָּעֶרֶב יִרְבָּצוּן כִּי
יִפְקְדֵם יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם וְשָׁב שְׁבוּתָם׃ שָׁמַעְתִּי חֶרְפַּת ח
מוֹאָב וְגִדּוּפֵי בְּנֵי עַמּוֹן אֲשֶׁר חֵרְפוּ אֶת־עַמִּי וַיַּגְדִּילוּ עַל־
גְּבוּלָם׃ לָכֵן חַי־אָנִי נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כִּי ט
מוֹאָב כִּסְדֹם תִּהְיֶה וּבְנֵי עַמּוֹן כַּעֲמֹרָה מִמְשַׁק חָרוּל
וּמִכְרֵה־מֶלַח וּשְׁמָמָה עַד־עוֹלָם שְׁאֵרִית עַמִּי יְבָזּוּם וְיֶתֶר
גּוֹיִ יִנְחָלוּם׃ זֹאת לָהֶם תַּחַת גְּאוֹנָם כִּי חֵרְפוּ וַיַּגְדִּלוּ עַל־ י
עַם יְהוָה צְבָאוֹת׃ נוֹרָא יְהוָה עֲלֵיהֶם כִּי רָזָה אֵת כָּל־ יא
אֱלֹהֵי הָאָרֶץ וְיִשְׁתַּחֲווּ־לוֹ אִישׁ מִמְּקוֹמוֹ כֹּל אִיֵּי הַגּוֹיִם׃
גַּם־אַתֶּם כּוּשִׁים חַלְלֵי חַרְבִּי הֵמָּה׃ וְיֵט יָדוֹ עַל־צָפוֹן יב יג
וִיאַבֵּד אֶת־אַשּׁוּר וְיָשֵׂם אֶת־נִינְוֵה לִשְׁמָמָה צִיָּה כַּמִּדְבָּר׃
וְרָבְצוּ בְתוֹכָהּ עֲדָרִים כָּל־חַיְתוֹ־גוֹי גַּם־קָאַת גַּם־קִפֹּד יד
בְּכַפְתֹּרֶיהָ יָלִינוּ קוֹל יְשׁוֹרֵר בַּחַלּוֹן חֹרֶב בַּסַּף כִּי אַרְזָה
עֵרָה׃ זֹאת הָעִיר הָעַלִּיזָה הַיּוֹשֶׁבֶת לָבֶטַח הָאֹמְרָה טו

ב, א׳ חולם מלא עם הדגש ז׳ שבותם קרי ט׳ גויי ק׳ יד׳ דה רפה
טו׳ כ טעמים

און אין דעם פייער פון זיין כּעס
וועט פֿאַרצערט ווערן די גאַנצע ערד,
וואָרום אַ פֿאַרלענדונג אַוש אַ שרעקלעכע,
וועט ער מאַכן פון אַלע באַוווינער פון דער ערד.

## ב

1 זאַמלט אייך אַיין און פֿאַרזאַמלט אייך,
איר אומפֿאַרשעמט פֿאָלק,
2 איידער דער גזר ווערט געבאָרן
ווי שפּריי פֿאַרגייט דער טאָג
איידער עס קומט אויף אייך דער גרימצאָרן פון גאָט,
איידער עס קומט אויף אייך דער טאָג פון גאָטס כּעס.
3 זוכט גאָט, איר אַלע פֿאַרליטענע פון לאַנד,
וואָס האָט געטאָן זיין געזעץ;
זוכט גערעכטיקייט, זוכט ענוות,
אפשר וועט איר פֿאַרבאָרגן ווערן אין טאָג פון גאָטס כּעס.
4 וואָרום עזה וועט אַ פֿאַרלאָזענע[א] זיין,
און אַשקלון אַ וויסטעניש;
אַשדוד, זי וועט מען אין מיטן טאָג אַרויסטרייבן,
און עקרון וועט אויסגעריסן ווערן[ב].
5 וויי, איר באַוווינער פון דער ים־געגנט,
איר פֿאָלק פון כּרתים!
דאָס וואָרט פון גאָט איז אויף אייך,
כּנען, דו לאַנד פון די פּלשתּים;
און איך וועל דיך אומטערברענגען
אַז קיין באַוווינער זאָל ניט זיין.
6 און די געגנט פון ים וועט זיין פּיטערפּלעצער,
לאָנקעס פֿאַר פּאַסטוכער, און געהעפֿטן פֿאַר שאָף,
7 און עס וועט זיין אַ חלק
פֿאַר דעם איבערבלייב פון דעם הויז פון יהודה;
זיי וועלן זיך דערויף פּיטערן;
אין די הייזער פון אַשקלון וועלן זיי הויערן אין אָוונט;
וואָרום יהוה זייער גאָט וועט זיך דערמאָנען אָן זיי,
און וועט אומקערן זייער געפֿאַנגענשאַפֿט.
8 איך האָב געהערט די לעסטערונג פון מואָב,
און די זידלערייען פון די קינדער פון עמון,
וואָס זיי האָבן געלעסטערט מיין פֿאָלק,
און זיך געגרייסט אַקעגן זייער געמאַרק.
9 דרום אַזוי ווי איך לעב,
זאָגט יהוה, דער גאָט פון צבאות, דער גאָט פון ישׂראל,
אַז מואָב וועט ווי סדום ווערן,
און די קינדער פון עמון ווי עמורה,
אַ ווירטשאַפֿט פון דערנער, און אַן אויסגראָבונג פון
זאַלץ,
און אַ וויסטעניש אויף אייביק;
דער איבערבלייב פון מיין אומה וועט זיי צערויבן,
און דער רעשט פון מיין פֿאָלק וועט זיי אַרבן.
10 דאָס וועט זיי זיין פֿאַר זייער שטאָלץ,
וואָס זיי האָבן געלעסטערט, און זיך געגרייסט
קעגן דער אומה פון גאָט פון צבאות.
11 מוראדיק איז גאָט אַקעגן זיי,
וואָרום ער מאַכט איינגיין אַלע אָפּגעטער פון דער ערד,
און בוקן וועלן זיך צו אים, איטלעכער פון זיין אָרט,
אַלע אינדזלען פון די פֿעלקער.
12 אויך איר כּושים,
וועט זיין דערשלאָגענע פון מיין שווערד.
13 און ער וועט אויסשטרעקן זיין האַנט אַקעגן צפון,
און וועט אומטערברענגען אַשור,
און מאַכן נינוה פֿאַר אַ וויסטעניש,
אַ טריקעניש אַזוי ווי אַ מדבר.
14 און הויערן אין איר וועלן סטאַדעס,
חיות פון יעטוועדער מין;
אי דער פּעליקאַן אי דער זומפּבושל
וועלן נעכטיקן אויף אירע זיילנקעפּ;
קולות וועלן זינגען אין פֿענצטער,
אַ חורבן וועט זיין אויף דער שוועל,
וואָרום איר צעדערווערק דעקט מען אָפּ.
15 דאָס איז די לוסטיקע שטאָט
וואָס איז געזעסן אין זיכערקייט,
וואָס האָט געזאָגט אין איר האַרצן:

[א] וואָרטשפּיל: עַזָּה עֲזוּבָה. [ב] וואָרטשפּיל: עֶקְרוֹן תֵּעָקֵר.

בְּלִבָּבָהּ אֲנִי וְאַפְסִי עוֹד אֵיךְ ׀ הָיְתָה לְשַׁמָּה מַרְבֵּץ לַחַיָּה
כֹּל עוֹבֵר עָלֶיהָ יִשְׁרֹק יָנִיעַ יָדוֹ׃

ג

א ב הוֹי מֹרְאָה וְנִגְאָלָה הָעִיר הַיּוֹנָה׃ לֹא שָׁמְעָה בְּקוֹל לֹא
לָקְחָה מוּסָר בַּיהוָה לֹא בָטָחָה אֶל־אֱלֹהֶיהָ לֹא קָרֵבָה׃
ג שָׂרֶיהָ בְקִרְבָּהּ אֲרָיוֹת שֹׁאֲגִים שֹׁפְטֶיהָ זְאֵבֵי עֶרֶב לֹא
ד גָרְמוּ לַבֹּקֶר׃ נְבִיאֶיהָ פֹּחֲזִים אַנְשֵׁי בֹּגְדוֹת כֹּהֲנֶיהָ חִלְּלוּ־
ה קֹדֶשׁ חָמְסוּ תּוֹרָה׃ יְהוָה צַדִּיק בְּקִרְבָּהּ לֹא יַעֲשֶׂה עַוְלָה
בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר מִשְׁפָּטוֹ יִתֵּן לָאוֹר לֹא נֶעְדָּר וְלֹא־יוֹדֵעַ עַוָּל
ו בֹּשֶׁת׃ הִכְרַתִּי גוֹיִם נָשַׁמּוּ פִּנּוֹתָם הֶחֱרַבְתִּי חוּצוֹתָם
ז מִבְּלִי עוֹבֵר נִצְדּוּ עָרֵיהֶם מִבְּלִי־אִישׁ מֵאֵין יוֹשֵׁב׃ אָמַרְתִּי
אַךְ־תִּירְאִי אוֹתִי תִּקְחִי מוּסָר וְלֹא־יִכָּרֵת מְעוֹנָהּ כֹּל אֲשֶׁר־
ח פָּקַדְתִּי עָלֶיהָ אָכֵן הִשְׁכִּימוּ הִשְׁחִיתוּ כֹּל עֲלִילוֹתָם׃ לָכֵן
חַכּוּ־לִי נְאֻם־יְהוָה לְיוֹם קוּמִי לְעַד כִּי מִשְׁפָּטִי לֶאֱסֹף
גּוֹיִם לְקָבְצִי מַמְלָכוֹת לִשְׁפֹּךְ עֲלֵיהֶם זַעְמִי כֹּל חֲרוֹן אַפִּי
ט כִּי בְּאֵשׁ קִנְאָתִי תֵּאָכֵל כָּל־הָאָרֶץ׃ כִּי־אָז אֶהְפֹּךְ אֶל־עַמִּים
שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם יְהוָה לְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד׃
י מֵעֵבֶר לְנַהֲרֵי־כוּשׁ עֲתָרַי בַּת־פּוּצַי יוֹבִלוּן מִנְחָתִי׃ בַּיּוֹם
יא הַהוּא לֹא תֵבוֹשִׁי מִכֹּל עֲלִילֹתַיִךְ אֲשֶׁר פָּשַׁעַתְּ בִּי כִּי־אָז ׀
אָסִיר מִקִּרְבֵּךְ עַלִּיזֵי גַּאֲוָתֵךְ וְלֹא־תוֹסִפִי לְגָבְהָה עוֹד בְּהַר
יב קָדְשִׁי׃ וְהִשְׁאַרְתִּי בְקִרְבֵּךְ עַם עָנִי וָדָל וְחָסוּ בְּשֵׁם יְהוָה׃
יג שְׁאֵרִית יִשְׂרָאֵל לֹא־יַעֲשׂוּ עַוְלָה וְלֹא־יְדַבְּרוּ כָזָב וְלֹא־
יִמָּצֵא בְּפִיהֶם לְשׁוֹן תַּרְמִית כִּי־הֵמָּה יִרְעוּ וְרָבְצוּ וְאֵין
יד מַחֲרִיד׃ רָנִּי בַּת־צִיּוֹן הָרִיעוּ יִשְׂרָאֵל שִׂמְחִי וְעָלְזִי
טו בְּכָל־לֵב בַּת יְרוּשָׁלִָם׃ הֵסִיר יְהוָה מִשְׁפָּטַיִךְ פִּנָּה אֹיְבֵךְ
טז מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל ׀ יְהוָה בְּקִרְבֵּךְ לֹא־תִירְאִי רָע עוֹד׃ בַּיּוֹם
הַהוּא יֵאָמֵר לִירוּשָׁלִַם אַל־תִּירָאִי צִיּוֹן אַל־יִרְפּוּ יָדָיִךְ׃

ג, ב׳ ה׳ קמץ בז״ק   ח׳ פסוק זה מכל כל הא״ב בו   טז׳ כ״א תראי

איך, און אַחוץ מיר איז מער ניטאָ.
ווי איז זי געוואָרן צו וויסט,
אַ הויעראָרט פאַר חיות!
איטלעכער וואָס גייט איר פאַרביי,
וועט שמוצערן, וועט וויגן זיין האַנט.

ג [1] וויי, די קויטיקע און אומווערדיקע,
די דריקערישע שטאָט!
[2] זי האָט ניט צוגעהערט דעם קול,
זי האָט ניט גענומען קיין מוסר,
זי האָט זיך ניט פאַרזיכערט אויף יהוה,
זי האָט זיך ניט דערנענטערט צו איר גאָט.
[3] אירע האַרן אין איר זיינען לייבן ברומיקע,
אירע ריכטער זיינען אָוונטוועלף,
זיי לאָזן ניט אַ ביין ביז פרימאָרגן.
[4] אירע נביאים זיינען לויזגעלאָזט,
מענטשן אומגעטרייע;
אירע כּהנים פאַרשוועכן די הייליקייט,
פאַרברעכן אַקעגן דער תּורה.
[5] גאָט דער גערעכטער איז אין איר מיט,
ער טוט ניט קיין אומרעכט;
פרימאָרגן אין פרימאָרגן לאָזט ער אַרויס
זיין גערעכטיקייט אין ליכט, ניט פאַרפעלט;
אָבער דער פאַרברעכער ווייס ניט פון קיין בושה.
[6] איך האָב פאַרשניטן פעלקער,
פאַרוויסט געוואָרן זיינען זייערע ווינקלען;
איך האָב חרב געמאַכט זייערע גאַסן,
אַז קיינער גייט ניט דורך;
צעשטערט זיינען זייערע שטעט,
אָן אַ מענטשן, אָן אַ באַוווינער.
[7] האָב איך געטראַכט: וועסט געוויס מורא האָבן פאַר מיר,
וועסט אַ מוסר נעמען;
כּדי איר וווינונג זאָל ניט פאַרשניטן ווערן,
לויט אַלץ וואָס איך האָב באַפוילן וועגן איר;
אָבער זיי האָבן זיך געפעדערט
פאַרדאָרבן צו זיין אין אַלע זייערע מעשׂים.

[8] דרום ריכט זיך אויף מיר, זאָגט גאָט,
אויף דעם טאָג וואָס איך שטיי אויף צום רויב,
וואָרום מיין משפּט איז איינצוזאַמלען די פעלקער
איך זאָל אויפקלייבן די קיניגרייכן,
אויסצוגיסן אויף זיי מיין כּעס,
מיין גאַנצן גרימצאָרן;
וואָרום אין דעם פייער פון מיין פאַרדראָס
וועט פאַרצערט ווערן די גאַנצע ערד.
[9] וואָרום דענסמאָל וועל איך איבערמאַכן די פעלקער
אַ ליפּ אַ ריינע,
אַז זיי זאָלן אַלע רופן צום נאָמען יהוה,
אים צו דינען אַזוי ווי איין מאַן.
[10] פון יענער זייט טייכן פון כּוש
וועלן זיי ברענגען מיינע בעטער,
די טאָכטער פּוצַיא,
אַ מתּנה צו מיר.
[11] אין יענעם טאָג וועסטו זיך מער ניט שעמען
וועגן אַלע דיינע מעשׂים,
וואָס דו האָסט פאַרבראָכן קעגן מיר,
וואָרום דענסמאָל וועל איך אָפּטאָן פון צווישן דיר
דיינע שטאָלצלוסטיקע,
און וועסט זיך מער ווידער ניט גרייסן,
אויף מיין הייליקן באַרג.
[12] און איך וועל איבערלאָזן אין דיר
דאָס געדריקטע און אָרימע פאָלק,
און זיי וועלן זיך באַשיצן
אין דעם נאָמען יהוה.
[13] דער איבערבלייב פון ישׂראל וועט ניט טאָן קיין אומרעכט,
און ניט רעדן קיין ליגן,
און אין זייער מויל וועט זיך ניט געפינען
אַ צונג פון באַטרוג;
יאָ, זיי וועלן זיך פיטערן און הויערן,
און קיינער וועט ניט שרעקן.

[14] זינג, טאָכטער ציון,
טוט שאַלן, ישׂראל;
פריי זיך און זיי לוסטיק פון גאַנצן האַרצן,
טאָכטער ירושָלַיִם.
[15] גאָט טוט אָפּ דיינע משפּטים,
ער ראַמט אָפּ דיינע פיינט;
דער קיניג פון ישׂראל, גאָט, איז צווישן דיר,
זאָלסט מער ניט מורא האָבן פאַר בייז.
[16] אין יענעם טאָג וועט געזאָגט ווערן צו ירושָלַיִם:
זאָלסט ניט מורא האָבן;
ציון, ניט שלאַף ווערן זאָלן דיינע הענט.

א ד. ה. מיינע פאַרשפּרייטע, ישׂראל.

יז יְהוָה אֱלֹהַיִךְ בְּקִרְבֵּךְ גִּבּוֹר יוֹשִׁיעַ יָשִׂישׂ עָלַיִךְ בְּשִׂמְחָה
יח יַחֲרִישׁ בְּאַהֲבָתוֹ יָגִיל עָלַיִךְ בְּרִנָּה׃ נוּגֵי מִמּוֹעֵד אָסַפְתִּי
יט מִמֵּךְ הָיוּ מַשְׂאֵת עָלֶיהָ חֶרְפָּה׃ הִנְנִי עֹשֶׂה אֶת־כָּל־
מְעַנַּיִךְ בָּעֵת הַהִיא וְהוֹשַׁעְתִּי אֶת־הַצֹּלֵעָה וְהַנִּדָּחָה אֲקַבֵּץ
כ וְשַׂמְתִּים לִתְהִלָּה וּלְשֵׁם בְּכָל־הָאָרֶץ בָּשְׁתָּם׃ בָּעֵת הַהִיא
אָבִיא אֶתְכֶם וּבָעֵת קַבְּצִי אֶתְכֶם כִּי־אֶתֵּן אֶתְכֶם לְשֵׁם
וְלִתְהִלָּה בְּכֹל עַמֵּי הָאָרֶץ בְּשׁוּבִי אֶת־שְׁבוּתֵיכֶם לְעֵינֵיכֶם
אָמַר יְהוָה׃

יח׳ כא מלך    כ׳ כא לעידם

17 יהוה דיין גאָט איז צווישן דיר,
אַ גיבור וואָס העלפט;
ער וועט זיך פרייען מיט שׂמחה אויף דיר,
ער וועט פאַרשווייגן אין זיין ליבשאַפט,
ער וועט זיך פרייען אויף דיר מיט געזאַנג.
18 איך זאַמל איין די דערווייטערטע פון אַ יום־טוב—
די וואָס זיינען אַוועק פון דיר,
וואָס דו האָסט געטראָגן וועגן דעם שאַנד.
19 זע, איך רעכן זיך מיט אַלע דיינע פייניקער,
אין יענער צייט,
און איך וועל העלפן די וואָס איז הינקעדיק,
און די פאַרשטויסענע וועל איך איינזאַמלען;
און איך וועל זיי מאַכן פאַר אַ לויב און פאַר אַ שם,
די וואָס איבער דער גאַנצער ערד איז געווען זייער
שאַנד.

20 אין יענער צייט וועל איך אייך ברענגען,
און אין יענער צייט טו איך אייך איינזאַמלען;
וואָרום איך וועל אייך מאַכן פאַר אַ שם און פאַר אַ לויב
צווישן אַלע פעלקער פון דער ערד,
ווען איך קער אום אייער געפאַנגענשאַפט
פאַר אייערע אויגן, זאָגט גאָט.

# חַגַּי

א בִּשְׁנַת שְׁתַּיִם לְדָרְיָוֶשׁ הַמֶּלֶךְ בַּחֹדֶשׁ הַשִּׁשִּׁי בְּיוֹם אֶחָד
לַחֹדֶשׁ הָיָה דְבַר־יְהוָה בְּיַד־חַגַּי הַנָּבִיא אֶל־זְרֻבָּבֶל בֶּן־
שְׁאַלְתִּיאֵל פַּחַת יְהוּדָה וְאֶל־יְהוֹשֻׁעַ בֶּן־יְהוֹצָדָק הַכֹּהֵן
ב הַגָּדוֹל לֵאמֹר׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת לֵאמֹר הָעָם הַזֶּה
ג אָמְרוּ לֹא עֶת־בֹּא עֶת־בֵּית יְהוָה לְהִבָּנוֹת׃ וַיְהִי דְּבַר־
ד יְהוָה בְּיַד־חַגַּי הַנָּבִיא לֵאמֹר׃ הַעֵת לָכֶם אַתֶּם לָשֶׁבֶת
ה בְּבָתֵּיכֶם סְפוּנִים וְהַבַּיִת הַזֶּה חָרֵב׃ וְעַתָּה כֹּה אָמַר יְהוָה
ו צְבָאוֹת שִׂימוּ לְבַבְכֶם עַל־דַּרְכֵיכֶם׃ זְרַעְתֶּם הַרְבֵּה וְהָבֵא
מְעָט אָכוֹל וְאֵין־לְשָׂבְעָה שָׁתוֹ וְאֵין־לְשָׁכְרָה לָבוֹשׁ וְאֵין־
ז לְחֹם לוֹ וְהַמִּשְׂתַּכֵּר מִשְׂתַּכֵּר אֶל־צְרוֹר נָקוּב׃ כֹּה
ח אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת שִׂימוּ לְבַבְכֶם עַל־דַּרְכֵיכֶם׃ עֲלוּ
הָהָר וַהֲבֵאתֶם עֵץ וּבְנוּ הַבָּיִת וְאֶרְצֶה־בּוֹ וְאֶכָּבְדָ אָמַר

ו׳ ו׳ במקום ה׳    ח׳ ואכבדה קרי ונכרא ה א׳ מחוק

א 1 אין צווייטן יאָר פון מלך דָרְיָוֶש, אין זעקסטן חודש,
אין ערשטן טאָג פון חודש, איז געווען דאָס וואָרט פון
גאָט דורך חַגַּי דעם נביא צו זרובבל דעם זון פון שְאַלתִּיאֵלן,
דעם פירשט פון יהודה, און צו יהושֻעַ דעם זון פון יהוֹצָדָקן,
דעם כֹּהן־גָדול, אַזוי צו זאָגן:
2 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאות, אַזוי צו זאָגן:
דאָסדאָזיקע פאָלק זאָגט: די צייט איז נאָך ניט געקומען,
די צייט אַז דאָס הויז פון גאָט זאָל געבויט ווערן— 3 איז דאָס
וואָרט פון גאָט געווען דורך חַגַּי דעם נביא, אַזוי צו זאָגן:
4 איז דאָס אייך אַ צייט, איר זאָלט זיצן אין אייערע צו־
געדעקטע הייזער, בעת דאָסדאָזיקע הויז איז חָרֵב? 5 און
אַצונד האָט גאָט פון צבָאות אַזוי געזאָגט:
נעמט אייך צום האַרצן אייערע וועגן:

6 איר זייט פיל, און ברענגט אַריין ווייניק,
איר עסט, אָבער ניט צו זאַט,
איר טרינקט, אָבער ניט גענוג זיך אָנצוטרינקען,
איר קליידט זיך, און קיינעם איז ניט וואַרעם,
און דער וואָס פאַרדינט,
פאַרדינט אין אַ לעכערדיקן בייטל.

7 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאות:
נעמט אייך צום האַרצן אייערע וועגן.
8 גייט אַרויף אין דעם געבערג, און איר זאָלט ברענגען
האָלץ,
און בויט דאָס הויז, און איך וועל עס באַוויליקן,
און איך וועל געווערלעכט ווערן, זאָגט גאָט.

9 איר ריכט זיך אויף פיל, ערשט עס ווערט ווינציק,
און אַז איר ברענגט עס אַהיים, בלאָז איך עס אַוועק.
איבער וואָס? זאָגט גאָט פון צבָאוֹת;
איבער מיין הויז וואָס איז חָרֵב,
בעת איר לויפט איטלעכער אין זיין הויז.
10 דרום האָבן די הימלען איבער אייך פאַרמיטן דעם טוי,
און די ערד האָט פאַרמיטן איר געוועקס.
11 און איך האָב אויסגערופן אַ טריקעניש
אויפן לאַנד, און אויף די בערג,
און אויף דער תּבואה, און אויפן וויין, און אויפן אייל,
און אויף וואָס נאָר די ערד ברענגט אַרויס,
און אויפן מענטשן, און אויף דער בהמה,
און אויף יעטוועדער מי פון די הענט.

12 האָט זרובָבל דער זון פון שְאַלתּיאֵלן, און יהוֹשוּע דער זון פון יהוֹצָדָקן, דער כֹּהן־גָדול, און דער גאַנצער איבערבלייב פון דעם פאָלק, צוגעהערט צו דעם קָול פון יהוה זייער גאָט, און צו די ווערטער פון חַגַי דעם נביא, אַזוי ווי יהוה זייער גאָט האָט אים געשיקט; און דאָס פאָלק האָט מורא געהאַט פאַר יהוה. 13 און חַגַי דער שליח פון גאָט האָט געזאָגט אין דער שליחות פון גאָט צום פאָלק, אַזוי צו זאָגן: איך בין מיט אייך, זאָגט גאָט.
14 און גאָט האָט דערוועקט דעם גייסט פון זרובָבל דעם זון פון שְאַלתּיאֵלן, דעם פירשט פון יהודה, און דעם גייסט פון יהוֹשוּע דעם זון פון יהוֹצָדָקן, דעם כֹּהן־גָדול, און דעם גייסט פון גאַנצן איבערבלייב פון דעם פאָלק, און זיי זיינען געקומען, און האָבן געטאָן אַרבעט אויף דעם הויז פון יהוה פון צבָאוֹת זייער גאָט, 15 אין פיר און צוואַנציקסטן טאָג פון חודש, אין זעקסטן חודש, אין צווייטן יאָר פון מלך דָריָוֶש.

ט יְהוָה: פְּנֹה אֶל־הַרְבֵּה וְהִנֵּה לִמְעָט וַהֲבֵאתֶם הַבַּיִת וְנָפַחְתִּי
בוֹ יַעַן מֶה נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת יַעַן בֵּיתִי אֲשֶׁר־הוּא חָרֵב
י וְאַתֶּם רָצִים אִישׁ לְבֵיתוֹ: עַל־כֵּן עֲלֵיכֶם כָּלְאוּ שָׁמַיִם
יא מִטָּל וְהָאָרֶץ כָּלְאָה יְבוּלָהּ: וָאֶקְרָא חֹרֶב עַל־הָאָרֶץ וְעַל־
הֶהָרִים וְעַל־הַדָּגָן וְעַל־הַתִּירוֹשׁ וְעַל־הַיִּצְהָר וְעַל אֲשֶׁר
תּוֹצִיא הָאֲדָמָה וְעַל־הָאָדָם וְעַל־הַבְּהֵמָה וְעַל כָּל־יְגִיעַ
יב כַּפָּיִם: וַיִּשְׁמַע זְרֻבָּבֶל ׀ בֶּן־שַׁלְתִּיאֵל וִיהוֹשֻׁעַ בֶּן־
יְהוֹצָדָק הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל וְכֹל ׀ שְׁאֵרִית הָעָם בְּקוֹל יְהוָה
אֱלֹהֵיהֶם וְעַל־דִּבְרֵי חַגַּי הַנָּבִיא כַּאֲשֶׁר שְׁלָחוֹ יְהוָה
יג אֱלֹהֵיהֶם וַיִּירְאוּ הָעָם מִפְּנֵי יְהוָה: וַיֹּאמֶר חַגַּי מַלְאַךְ
יְהוָה בְּמַלְאֲכוּת יְהוָה לָעָם לֵאמֹר אֲנִי אִתְּכֶם נְאֻם־יְהוָה:
יד וַיָּעַר יְהוָה אֶת־רוּחַ זְרֻבָּבֶל בֶּן־שַׁלְתִּיאֵל פַּחַת יְהוּדָה וְאֶת־
רוּחַ יְהוֹשֻׁעַ בֶּן־יְהוֹצָדָק הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל וְאֶת־רוּחַ כֹּל שְׁאֵרִית
הָעָם וַיָּבֹאוּ וַיַּעֲשׂוּ מְלָאכָה בְּבֵית־יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵיהֶם:
טו בְּיוֹם עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה לַחֹדֶשׁ בַּשִּׁשִּׁי בִּשְׁנַת שְׁתַּיִם
לְדָרְיָוֶשׁ הַמֶּלֶךְ:

## ב

א בַּשְּׁבִיעִי בְּעֶשְׂרִים וְאֶחָד לַחֹדֶשׁ הָיָה דְּבַר־יְהוָה בְּיַד־חַגַּי
ב הַנָּבִיא לֵאמֹר: אֱמָר־נָא אֶל־זְרֻבָּבֶל בֶּן־שַׁלְתִּיאֵל פַּחַת
יְהוּדָה וְאֶל־יְהוֹשֻׁעַ בֶּן־יְהוֹצָדָק הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל וְאֶל־שְׁאֵרִית
ג הָעָם לֵאמֹר: מִי בָכֶם הַנִּשְׁאָר אֲשֶׁר רָאָה אֶת־הַבַּיִת
הַזֶּה בִּכְבוֹדוֹ הָרִאשׁוֹן וּמָה אַתֶּם רֹאִים אֹתוֹ עַתָּה הֲלוֹא
ד כָמֹהוּ כְּאַיִן בְּעֵינֵיכֶם: וְעַתָּה חֲזַק זְרֻבָּבֶל ׀ נְאֻם־יְהוָה
וַחֲזַק יְהוֹשֻׁעַ בֶּן־יְהוֹצָדָק הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל וַחֲזַק כָּל־עַם
הָאָרֶץ נְאֻם־יְהוָה וַעֲשׂוּ כִּי־אֲנִי אִתְּכֶם נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת:
ה אֶת־הַדָּבָר אֲשֶׁר־כָּרַתִּי אִתְּכֶם בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרַיִם וְרוּחִי
ו עֹמֶדֶת בְּתוֹכְכֶם אַל־תִּירָאוּ: כִּי כֹה אָמַר יְהוָה
צְבָאוֹת עוֹד אַחַת מְעַט הִיא וַאֲנִי מַרְעִישׁ אֶת־הַשָּׁמַיִם

# ב

1 אין זיבעטן חודש, אין איין און צוואַנציקסטן טאָג פון חודש, איז דאָס וואָרט פון גאָט געוועזן דורך חַגַי דעם נביא, אַזוי צו זאָגן: 2 זאָג נאָר צו זרובָבל דעם זון פון שְאַלתּיאֵלן, דעם פירשט פון יהודה, און צו יהוֹשוּע דעם זון פון יהוֹצָדָקן, דעם כֹּהן־גָדול, און צום איבערבלייב פון פאָלק, אַזוי צו זאָגן:

3 ווער צווישן אייך איז געבליבן,
וואָס האָט געזען דאָסדאָזיקע הויז אין זיין ערשטן
פּראַכט?
און ווי קוקט איר עס אָן אַצונד?
איז עס ניט ווי גאָרנישט אין אייערע אויגן?
4 אָבער זיי שטאַרק אַצונד, זרובָבל, זאָגט גאָט,
און זיי שטאַרק, יהוֹשוּע זון פון יהוֹצָדָקן, דו כֹּהן־גָדול,
און זייט שטאַרק, דאָס גאַנצע פאָלק פון לאַנד, זאָגט
גאָט,
און טוט, וואָרום איך בין מיט אייך, זאָגט גאָט פון
צבָאוֹת,
5 לויט דעם וואָרט וואָס איך האָב געשלאָסן מיט אייך
ביי אייער אַרויסגיין פון מִצרַיִם;
און מיין גייסט, שטייט צווישן אייך;
איר זאָלט ניט מורא האָבן.
6 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאוֹת:
נאָך איין קליין ווײַלע,
און איך שטורעם־אויף די הימלען און די ערד,

ז וְאֶת־הָאָרֶץ וְאֶת־הַיָּם וְאֶת־הֶחָרָבָה׃ וְהִרְעַשְׁתִּי אֶת־כָּל־
הַגּוֹיִם וּבָאוּ חֶמְדַּת כָּל־הַגּוֹיִם וּמִלֵּאתִי אֶת־הַבַּיִת הַזֶּה
ח כָּבוֹד אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת׃ לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב נְאֻם
ט יְהוָה צְבָאוֹת׃ גָּדוֹל יִהְיֶה כְּבוֹד הַבַּיִת הַזֶּה הָאַחֲרוֹן
מִן־הָרִאשׁוֹן אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת וּבַמָּקוֹם הַזֶּה אֶתֵּן שָׁלוֹם
י נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת׃ בְּעֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה לַתְּשִׁיעִי
בִּשְׁנַת שְׁתַּיִם לְדָרְיָוֶשׁ הָיָה דְּבַר־יְהוָה אֶל־חַגַּי הַנָּבִיא
יא לֵאמֹר׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת שְׁאַל־נָא אֶת־הַכֹּהֲנִים
יב תּוֹרָה לֵאמֹר׃ הֵן ׀ יִשָּׂא־אִישׁ בְּשַׂר־קֹדֶשׁ בִּכְנַף בִּגְדוֹ וְנָגַע
בִּכְנָפוֹ אֶל־הַלֶּחֶם וְאֶל־הַנָּזִיד וְאֶל־הַיַּיִן וְאֶל־שֶׁמֶן וְאֶל־
יג כָּל־מַאֲכָל הֲיִקְדָּשׁ וַיַּעֲנוּ הַכֹּהֲנִים וַיֹּאמְרוּ לֹא׃ וַיֹּאמֶר
חַגַּי אִם־יִגַּע טְמֵא־נֶפֶשׁ בְּכָל־אֵלֶּה הֲיִטְמָא וַיַּעֲנוּ הַכֹּהֲנִים
יד וַיֹּאמְרוּ יִטְמָא׃ וַיַּעַן חַגַּי וַיֹּאמֶר כֵּן הָעָם־הַזֶּה וְכֵן־הַגּוֹי
הַזֶּה לְפָנַי נְאֻם־יְהוָה וְכֵן כָּל־מַעֲשֵׂה יְדֵיהֶם וַאֲשֶׁר
טו יַקְרִיבוּ שָׁם טָמֵא הוּא׃ וְעַתָּה שִׂימוּ־נָא לְבַבְכֶם מִן־הַיּוֹם
הַזֶּה וָמָעְלָה מִטֶּרֶם שׂוּם־אֶבֶן אֶל־אֶבֶן בְּהֵיכַל יְהוָה׃
טז מִהְיוֹתָם בָּא אֶל־עֲרֵמַת עֶשְׂרִים וְהָיְתָה עֲשָׂרָה בָּא אֶל־
יז הַיֶּקֶב לַחְשֹׂף חֲמִשִּׁים פּוּרָה וְהָיְתָה עֶשְׂרִים׃ הִכֵּיתִי
אֶתְכֶם בַּשִּׁדָּפוֹן וּבַיֵּרָקוֹן וּבַבָּרָד אֵת כָּל־מַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם
יח וְאֵין־אֶתְכֶם אֵלַי נְאֻם־יְהוָה׃ שִׂימוּ־נָא לְבַבְכֶם מִן־הַיּוֹם
הַזֶּה וָמָעְלָה מִיּוֹם עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה לַתְּשִׁיעִי לְמִן־הַיּוֹם
יט אֲשֶׁר־יֻסַּד הֵיכַל־יְהוָה שִׂימוּ לְבַבְכֶם׃ הַעוֹד הַזֶּרַע
בַּמְּגוּרָה וְעַד־הַגֶּפֶן וְהַתְּאֵנָה וְהָרִמּוֹן וְעֵץ הַזַּיִת לֹא נָשָׂא
כ מִן־הַיּוֹם הַזֶּה אֲבָרֵךְ׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה ׀ שֵׁנִית אֶל־
כא חַגַּי בְּעֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה לַחֹדֶשׁ לֵאמֹר׃ אֱמֹר אֶל־זְרֻבָּבֶל
פַּחַת־יְהוּדָה לֵאמֹר אֲנִי מַרְעִישׁ אֶת־הַשָּׁמַיִם וְאֶת־הָאָרֶץ׃
כב וְהָפַכְתִּי כִּסֵּא מַמְלָכוֹת וְהִשְׁמַדְתִּי חֹזֶק מַמְלְכוֹת הַגּוֹיִם

י׳ כא ביד

און דעם ים און די יבשה.
[7] און איך וועל אויפשטורעמען אַלע פעלקער,
און אָנקומען אַהער וועלן די גלוסטיקסטע זאַכן פון אַלע פעלקער,
און איך וועל אָנפילן דאָסדאָזיקע הויז מיט פּראַכט,
זאָגט גאָט פון צבָאות.
[8] מיין איז דאָס זילבער, און מיין איז דאָס גאָלד,
זאָגט גאָט פון צבָאות.
[9] גרעסער וועט זיין די פּראַכט פון דעמדאָזיקן לעצטן הויז
ווי פון דעם ערשטן, זאָגט גאָט פון צבָאות;
און אין דעמדאָזיקן אָרט וועל איך געבן שלום,
זאָגט גאָט פון צבָאות.

[10] אין פיר און צוואַנציקסטן טאָג אין ניינטן חודש, אין צווייטן יאָר פון דָרְיָוֶשן, איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען דורך חַגַי דעם נביא, אַזוי צו זאָגן: [11] אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאות: פרעג אַקאָרשט די כֹּהנים אַ דין, אַזוי צו זאָגן: [12] אַז אַ מאַן וועט טראָגן הייליק פלייש אין ברעג פון זיין קלייד, און וועט זיך אָנרירן מיט זיין ברעג אָן ברויט, אָדער אָן געקעכטס, אָדער אָן וויין, אָדער אָן אייל, אָדער אָן וואָסער עס איז עסנוואַרג, וועט עס הייליק ווערן? האָבן געענטפערט די כֹּהנים און האָבן געזאָגט: ניין! [13] האָט חַגַי געזאָגט: אויב איינער וואָס איז אומריין פון אַ טויטן, וועט זיך אָנרירן אָן אַלדעמדאָזיקן, וועט עס ווערן אומריין? האָבן געענטפערט די כֹּהנים און האָבן געזאָגט: עס וועט ווערן אומריין. [14] האָט חַגַי זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט:

אַזוי איז דערדאָזיקער עולם,
און אַזוי איז דאָסדאָזיקע פאָלק פאַר מיר,
זאָגט גאָט,
און אַזוי איז יעטוועדער טואונג פון זייערע הענט;
און וואָס זיי זיינען דאָרטן מקריב, איז אומריין.

[15] און אַצונד לייגט צו, איך בעט אַייך,
אַייער האַרץ פון היינטיקן טאָג אָן און ווייטער.
איידער מע האָט געלייגט אַ שטיין אויף אַ שטיין
אין דעם טעמפּל פון גאָט,
[16] אַז מע פלעגט קומען צו אַ הויפן פון צוואַנציק מאָס,
פלעגט זיין צען;
מע איז געקומען צום קעלטער אָנשעפּן פופציק פּוּרָה,
און עס פלעגט זיין צוואַנציק.
[17] איך האָב אַייך געשלאָגן מיט קאָרנבראַנד
און מיט וועלקעניש און מיט האָגל
אין אַלדער אַרבעט פון אַייערע הענט,
אָבער איר האָט זיך ניט געקערט צו מיר, זאָגט גאָט.
[18] לייגט צו, איך בעט אַייך, אַייער האַרץ
פון היינטיקן טאָג אָן און ווייטער;
פון פיר און צוואַנציקסטן טאָג אין ניינטן חודש,
פון דעם טאָג אָן וואָס דער טעמפּל פון גאָט איז געגרונטפעסט געוואָרן,
לייגט צו אַייער האַרץ.
[19] איז דען נאָך דאָ זאָמען אין שפּייכלער?
און צומאָל דער ווינשטאָק, און דער פייגנבוים,
און דער מילגרוימבוים, און דער איילבערטבוים, האָט ניט געטראָגן;
פון היינטיקן טאָג אָן וועל איך בענטשן.

[20] און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען אַ צווייט מאָל צו חַגַין, אין פיר און צוואַנציקסטן טאָג פון חודש, אַזוי צו זאָגן: [21] זאָג צו זרובָבל דעם פירשט פון יהודה, אַזוי צו זאָגן:
איך שטורעם־אויף די הימלען און די ערד.
[22] און איך וועל איבערקערן דעם טראָן פון מלוכות,
און וועל פאַרטיליקן די שטאַרקייט פון די מלוכות פון די פעלקער,

און וועל איבערקערן דעם רייטוואָגן מיט זיינע רייטער,
און נידערן וועלן פערד מיט זייערע רייטער,
איינער דורכן אַנדערנס שווערד.
23 אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט פון צבָאוֹת,
וועל איך דיך נעמען,
זרובָבל זון פון שְאַלתיאֵלן, מיין קנעכט, זאָגט גאָט,
און איך וועל דיך מאַכן ווי אַ זיגלרינג,
וואָרום דיך האָב איך אויסדערוויילט, זאָגט גאָט פון צבָאוֹת.

וְהָפַכְתִּי מֶרְכָּבָה וְרֹכְבֶיהָ וְיָרְדוּ סוּסִים וְרֹכְבֵיהֶם אִישׁ
כג בְּחֶרֶב אָחִיו׃ בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם־יְהוָה צְבָאוֹת אֶקָּחֲךָ
זְרֻבָּבֶל בֶּן־שְׁאַלְתִּיאֵל עַבְדִּי נְאֻם־יְהוָה וְשַׂמְתִּיךָ כַּחוֹתָם
כִּי־בְךָ בָחַרְתִּי נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת׃

# זְכַרְיָה

א 1 אין אַכטן חודש, אין צווייטן יאָר פון דָרְיָוֶשן, איז
דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו זכַרְיָה, דעם זון פון
בֶרֶכיָה, דעם זון פון עִדוֹן, דעם נביא, אַזוי צו זאָגן: 2 גאָט
האָט געצערנט אויף אייערע עלטערן אַ צערענונג.
3 דרום זאָלסטו זאָגן צו זיי:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאוֹת:
קערט אייך אום צו מיר, זאָגט גאָט פון צבָאוֹת,
און איך וועל זיך אומקערן צו אייך,
זאָגט גאָט פון צבָאוֹת.
4 איר זאָלט ניט זיין אַזוי ווי אייערע עלטערן,
וואָס די פריערדיקע נביאים האָבן צו זיי גערופן,
אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאוֹת:
קערט אייך אום פון אייערע שלעכטע וועגן
און אייערע שלעכטע מעשׂים.
און זיי האָבן ניט געהערט
און ניט צוגעהאָרכט צו מיר, זאָגט גאָט.
5 אייערע עלטערן, ווו זיינען זיי?
און די נביאים, לעבן זיי דען אייביק?
6 אָבער מיינע ווערטער און מיינע משפטים
וואָס איך האָב אָנגעזאָגט מיינע קנעכט די נביאים,
פאַרוואָר, זיי זיינען אָנגעקומען אייערע עלטערן,
און זיי האָבן תשובה געטאָן, און האָבן געזאָגט:
אַזוי ווי גאָט פון צבָאוֹת האָט געטראַכט צו טאָן צו אונדז,
לויט אונדזערע וועגן און לויט אונדזערע מעשׂים,
אַזוי האָט ער מיט אונדז געטאָן.

7 אין פיר און צוואַנציקסטן טאָג פון עלפטן חודש, דאָס איז חודש שבט, אין צווייטן יאָר פון דָרְיָוֶשן, איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו זכַרְיָה, דעם זון פון בֶרֶכיָהו, דעם זון פון עִדוֹאן, דעם נביא, אַזוי צו זאָגן:
8 איך האָב געזען די נאַכט, ערשט אַ מאַן רייט אויף אַ רויטן פערד, און ער שטייט צווישן די מירטן וואָס אין דער

א בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁמִינִי בִּשְׁנַת שְׁתַּיִם לְדָרְיָוֶשׁ הָיָה דְבַר־יְהוָה
ב אֶל־זְכַרְיָה בֶּן־בֶּרֶכְיָה בֶּן־עִדּוֹ הַנָּבִיא לֵאמֹר׃ קָצַף יְהוָה
ג עַל־אֲבוֹתֵיכֶם קָצֶף׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם כֹּה אָמַר יְהוָה
צְבָאוֹת שׁוּבוּ אֵלַי נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת וְאָשׁוּב אֲלֵיכֶם
ד אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת׃ אַל־תִּהְיוּ כַאֲבֹתֵיכֶם אֲשֶׁר קָרְאוּ־
אֲלֵיהֶם הַנְּבִיאִים הָרִאשֹׁנִים לֵאמֹר כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
שׁוּבוּ נָא מִדַּרְכֵיכֶם הָרָעִים וּמַעַלְלֵיכֶם הָרָעִים וְלֹא שָׁמְעוּ
ה וְלֹא־הִקְשִׁיבוּ אֵלַי נְאֻם־יְהוָה׃ אֲבוֹתֵיכֶם אַיֵּה־הֵם וְהַנְּבִאִים
ו הַלְעוֹלָם יִחְיוּ׃ אַךְ ׀ דְּבָרַי וְחֻקַּי אֲשֶׁר צִוִּיתִי אֶת־עֲבָדַי
הַנְּבִיאִים הֲלוֹא הִשִּׂיגוּ אֲבֹתֵיכֶם וַיָּשׁוּבוּ וַיֹּאמְרוּ כַּאֲשֶׁר זָמַם
יְהוָה צְבָאוֹת לַעֲשׂוֹת לָנוּ כִּדְרָכֵינוּ וּכְמַעֲלָלֵינוּ כֵּן עָשָׂה
ז אִתָּנוּ׃ בְּיוֹם עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה לְעַשְׁתֵּי־עָשָׂר חֹדֶשׁ הוּא־
חֹדֶשׁ שְׁבָט בִּשְׁנַת שְׁתַּיִם לְדָרְיָוֶשׁ הָיָה דְבַר־יְהוָה אֶל־
ח זְכַרְיָה בֶּן־בֶּרֶכְיָהוּ בֶּן־עִדּוֹא הַנָּבִיא לֵאמֹר׃ רָאִיתִי הַלַּיְלָה
וְהִנֵּה־אִישׁ רֹכֵב עַל־סוּס אָדֹם וְהוּא עֹמֵד בֵּין הַהֲדַסִּים

ד׳ יתיר י׳

אֲשֶׁר בַּמְּצֻלָה וְאַחֲרָיו סוּסִים אֲדֻמִּים שְׂרֻקִּים וּלְבָנִים׃
וָאֹמַר מָה־אֵלֶּה אֲדֹנִי וַיֹּאמֶר אֵלַי הַמַּלְאָךְ הַדֹּבֵר בִּי אֲנִי ט
אַרְאֶךָּ מָה־הֵמָּה אֵלֶּה׃ וַיַּעַן הָאִישׁ הָעֹמֵד בֵּין־הַהֲדַסִּים י
וַיֹּאמַר אֵלֶּה אֲשֶׁר שָׁלַח יְהוָה לְהִתְהַלֵּךְ בָּאָרֶץ׃ וַיַּעֲנוּ יא
אֶת־מַלְאַךְ יְהוָה הָעֹמֵד בֵּין הַהֲדַסִּים וַיֹּאמְרוּ הִתְהַלַּכְנוּ
בָאָרֶץ וְהִנֵּה כָל־הָאָרֶץ יֹשֶׁבֶת וְשֹׁקָטֶת׃ וַיַּעַן מַלְאַךְ יְהוָה יב
וַיֹּאמַר יְהוָה צְבָאוֹת עַד־מָתַי אַתָּה לֹא־תְרַחֵם אֶת־
יְרוּשָׁלַםִ וְאֵת עָרֵי יְהוּדָה אֲשֶׁר זָעַמְתָּה זֶה שִׁבְעִים שָׁנָה׃
וַיַּעַן יְהוָה אֶת־הַמַּלְאָךְ הַדֹּבֵר בִּי דְּבָרִים טוֹבִים דְּבָרִים יג
נִחֻמִים׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי הַמַּלְאָךְ הַדֹּבֵר בִּי קְרָא לֵאמֹר כֹּה יד
אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת קִנֵּאתִי לִירוּשָׁלַםִ וּלְצִיּוֹן קִנְאָה גְדוֹלָה׃
וְקֶצֶף גָּדוֹל אֲנִי קֹצֵף עַל־הַגּוֹיִם הַשַּׁאֲנַנִּים אֲשֶׁר אֲנִי קָצַפְתִּי טו
מְּעָט וְהֵמָּה עָזְרוּ לְרָעָה׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה שַׁבְתִּי טז
לִירוּשָׁלַםִ בְּרַחֲמִים בֵּיתִי יִבָּנֶה בָּהּ נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת
וְקָוֶה יִנָּטֶה עַל־יְרוּשָׁלָםִ׃ עוֹד ׀ קְרָא לֵאמֹר כֹּה אָמַר יז
יְהוָה צְבָאוֹת עוֹד תְּפוּצֶנָה עָרַי מִטּוֹב וְנִחַם יְהוָה עוֹד
אֶת־צִיּוֹן וּבָחַר עוֹד בִּירוּשָׁלָםִ׃

ב

וָאֶשָּׂא אֶת־עֵינַי וָאֵרֶא וְהִנֵּה אַרְבַּע קְרָנוֹת׃ וָאֹמַר אֶל־ א ב
הַמַּלְאָךְ הַדֹּבֵר בִּי מָה־אֵלֶּה וַיֹּאמֶר אֵלַי אֵלֶּה הַקְּרָנוֹת
אֲשֶׁר זֵרוּ אֶת־יְהוּדָה אֶת־יִשְׂרָאֵל וִירוּשָׁלָםִ׃ וַיַּרְאֵנִי ג
יְהוָה אַרְבָּעָה חָרָשִׁים׃ וָאֹמַר מָה אֵלֶּה בָאִים לַעֲשׂוֹת ד
וַיֹּאמֶר לֵאמֹר אֵלֶּה הַקְּרָנוֹת אֲשֶׁר־זֵרוּ אֶת־יְהוּדָה כְּפִי־
אִישׁ לֹא־נָשָׂא רֹאשׁוֹ וַיָּבֹאוּ אֵלֶּה לְהַחֲרִיד אֹתָם לְיַדּוֹת
אֶת־קַרְנוֹת הַגּוֹיִם הַנֹּשְׂאִים קֶרֶן אֶל־אֶרֶץ יְהוּדָה לְזָרוֹתָהּ׃
וָאֶשָּׂא עֵינַי וָאֵרֶא וְהִנֵּה־אִישׁ וּבְיָדוֹ חֶבֶל מִדָּה׃ ה
וָאֹמַר אָנָה אַתָּה הֹלֵךְ וַיֹּאמֶר אֵלַי לָמֹד אֶת־יְרוּשָׁלַםִ ו

א, טז׳ וְקָו (כ״א וְקַו) קרי

טיפעניש, און הינטער אים זיינען געווען רויטע, געלרויטע, און ווייסע פערד. [9] האָב איך געזאָגט: וואָס זיינען די־דאָזיקע, מיין האַר? האָט צו מיר געזאָגט דער מלאך וואָס האָט מיט מיר גערעדט: איך וועל דיר ווייזן וואָס דידאָזיקע זיינען. [10] און דער מאַן וואָס איז געשטאַנען צווישן די מירטן, האָט זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט: דאָס זיינען די וואָס גאָט האָט געשיקט אַרומצוגיין אויף דער ערד. [11] און זיי האָבן זיך אָפּגערופן צו דעם מלאך פון גאָט וואָס איז געשטאַנען צווישן די מירטן, און האָבן געזאָגט: מיר זיינען אַרומגעגאַנגען אויף דער ערד, ערשט די גאַנצע ערד זיצט רואיק. [12] האָט זיך אָפּגערופן דער מלאך פון גאָט און האָט געזאָגט: גאָט פון צבָאוֹת, ביז וואַנען וועסטו זיך ניט דערבאַרימען אויף ירושָׁלַיִם, און אויף די שטעט פון יהודה, וואָס דו האָסט פאַרשאָלטן שוין זיבעציק יאָר? [13] און גאָט האָט געענטפערט דעם מלאך וואָס האָט מיט מיר גערעדט, גוטע ווערטער, טרייסטווערטער. [14] און דער מלאך וואָס האָט מיט מיר גערעדט, האָט געזאָגט צו מיר: רוף אויס אַזוי צו זאָגן:

אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאוֹת:
מיך פאַרדריסט וועגן ירושָׁלַיִם און וועגן צִיוֹן אַ גרויס
פאַרדראָס.
[15] און אַ גרויס צאָרן צערן איך אויף די רואיקע פעלקער,
וואָרום איך האָב בלויז געצערנט אַ ביסל,
און זיי האָבן אונטערגעהאָלפן צום בייזן.
[16] דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט:
איך קער זיך אום צו ירושָׁלַיִם מיט דערבאַרימונג;
מיין הויז וועט געבויט ווערן אין איר,
זאָגט גאָט פון צבָאוֹת,
און אַ בוישנור וועט געצויגן ווערן אויף ירושָׁלַיִם.
[17] ווייטער רוף אויס אַזוי צו זאָגן:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאוֹת:
מיינע שטעט וועלן ווידער איבערפלייצן מיט גוטס,
און גאָט וועט נאָך טרייסטן צִיוֹן,
און וועט ווידער אויסדערוויילן ירושָׁלַיִם.

ב [1] און איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן און האָב געזען, ערשט פיר הערנער. [2] האָב איך געזאָגט צו דעם מלאך וואָס האָט מיט מיר גערעדט: וואָס זיינען דידאָזיקע? האָט ער צו מיר געזאָגט: דאָס זיינען די הערנער וואָס האָבן צעשפרייט יהודה, ישׂראל, און ירושָׁלַיִם.

[3] און גאָט האָט מיר געוויזן פיר מייגסטערס. [4] האָב איך געזאָגט: וואָס קומען דידאָזיקע טאָן? האָט ער געזאָגט אַזוי צו זאָגן: יענע זיינען די הערנער וואָס האָבן צעשפרייט יהודה, אַזוי אַז קיינער האָט ניט געקענט אויפהייבן אַ קאָפּ, און די־דאָזיקע זיינען געקומען אויף זיי אַ שרעק אָנצוואַרפן, אָפּצוהאַקן די הערנער פון די פעלקער וואָס האָבן אויפגעהויבן דעם האָרן קעגן לאַנד יהודה, כדי עס צו צעשפרייטן.

[5] און איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן און האָב געזען, ערשט אַ מאַן, און אין זיין האַנט אַ מעסטשנור. [6] האָב איך געזאָגט: וווהין גייסטו? האָט ער צו מיר געזאָגט: צו מעסטן ירושָׁלַיִם, כדי צו זען וויפיל איז איר ברייט,

ז לִרְאוֹת כַּמָּה־רָחְבָּהּ וְכַמָּה אָרְכָּהּ׃ וְהִנֵּה הַמַּלְאָךְ הַדֹּבֵר
ח בִּי יֹצֵא וּמַלְאָךְ אַחֵר יֹצֵא לִקְרָאתוֹ׃ וַיֹּאמֶר אֵלָו רֻץ
דַּבֵּר אֶל־הַנַּעַר הַלָּז לֵאמֹר פְּרָזוֹת תֵּשֵׁב יְרוּשָׁלַ͏ִם מֵרֹב
ט אָדָם וּבְהֵמָה בְּתוֹכָהּ׃ וַאֲנִי אֶהְיֶה־לָּהּ נְאֻם־יְהוָה חוֹמַת
י אֵשׁ סָבִיב וּלְכָבוֹד אֶהְיֶה בְתוֹכָהּ׃ הוֹי הוֹי וְנֻסוּ
מֵאֶרֶץ צָפוֹן נְאֻם־יְהוָה כִּי כְּאַרְבַּע רוּחוֹת הַשָּׁמַיִם
יא פֵּרַשְׂתִּי אֶתְכֶם נְאֻם־יְהוָה׃ הוֹי צִיּוֹן הִמָּלְטִי יוֹשֶׁבֶת
יב בַּת־בָּבֶל׃ כִּי כֹה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אַחַר כָּבוֹד
שְׁלָחַנִי אֶל־הַגּוֹיִם הַשֹּׁלְלִים אֶתְכֶם כִּי הַנֹּגֵעַ בָּכֶם נֹגֵעַ
יג בְּבָבַת עֵינוֹ׃ כִּי הִנְנִי מֵנִיף אֶת־יָדִי עֲלֵיהֶם וְהָיוּ שָׁלָל
יד לְעַבְדֵיהֶם וִידַעְתֶּם כִּי־יְהוָה צְבָאוֹת שְׁלָחָנִי׃ רָנִּי
וְשִׂמְחִי בַּת־צִיּוֹן כִּי הִנְנִי־בָא וְשָׁכַנְתִּי בְתוֹכֵךְ נְאֻם־יְהוָה׃
טו וְנִלְווּ גוֹיִם רַבִּים אֶל־יְהוָה בַּיּוֹם הַהוּא וְהָיוּ לִי לְעָם
וְשָׁכַנְתִּי בְתוֹכֵךְ וְיָדַעַתְּ כִּי־יְהוָה צְבָאוֹת שְׁלָחַנִי אֵלָיִךְ׃
טז וְנָחַל יְהוָה אֶת־יְהוּדָה חֶלְקוֹ עַל אַדְמַת הַקֹּדֶשׁ וּבָחַר
יז עוֹד בִּירוּשָׁלָ͏ִם׃ הַס כָּל־בָּשָׂר מִפְּנֵי יְהוָה כִּי נֵעוֹר
מִמְּעוֹן קָדְשׁוֹ׃

## ג

א וַיַּרְאֵנִי אֶת־יְהוֹשֻׁעַ הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל עֹמֵד לִפְנֵי מַלְאַךְ יְהוָה
ב וְהַשָּׂטָן עֹמֵד עַל־יְמִינוֹ לְשִׂטְנוֹ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־הַשָּׂטָן
יִגְעַר יְהוָה בְּךָ הַשָּׂטָן וְיִגְעַר יְהוָה בְּךָ הַבֹּחֵר בִּירוּשָׁלָ͏ִם
ג הֲלוֹא זֶה אוּד מֻצָּל מֵאֵשׁ׃ וִיהוֹשֻׁעַ הָיָה לָבֻשׁ בְּגָדִים
ד צוֹאִים וְעֹמֵד לִפְנֵי הַמַּלְאָךְ׃ וַיַּעַן וַיֹּאמֶר אֶל־הָעֹמְדִים
לְפָנָיו לֵאמֹר הָסִירוּ הַבְּגָדִים הַצֹּאִים מֵעָלָיו וַיֹּאמֶר אֵלָיו
ה רְאֵה הֶעֱבַרְתִּי מֵעָלֶיךָ עֲוֺנֶךָ וְהַלְבֵּשׁ אֹתְךָ מַחֲלָצוֹת׃ וָאֹמַר
יָשִׂימוּ צָנִיף טָהוֹר עַל־רֹאשׁוֹ וַיָּשִׂימוּ הַצָּנִיף הַטָּהוֹר עַל־
ו רֹאשׁוֹ וַיַּלְבִּשֻׁהוּ בְּגָדִים וּמַלְאַךְ יְהוָה עֹמֵד׃ וַיָּעַד מַלְאַךְ

ב, ח׳ אלו קרי   י׳ כ״א כארבע   יא׳ שוא באתנח
יד׳ הפטרת בהעלותך וגם לשבת (ראשונה של) חנוכה

און וויפיל איר לענג. [7] ערשט דער מלאך וואָס האָט מיט מיר גערעדט איז אַרויסגעגאַנגען, און אַן אַנדער מלאך איז אַרויסגעגאַנגען אים אַנטקעגן. [8] און ער האָט געזאָגט: לויף זאָג צו יענעם יונגנמאַן אַזוי צו זאָגן:

אָפן וועט ירושָלַיִם זיין באַזעצט,
פון פיל מענטשן און בהמות אין איר.
[9] און איך וועל איר זיין, זאָגט גאָט,
אַ מויער פון פייער רונד אַרום,
און פאַר אַ כבוד וועל איך זיין אין איר מיט.

[10] העי, העי! און אַנטלויפט פון דעם לאַנד פון צפון,
זאָגט גאָט,
וואָרום אַזוי ווי די פיר ווינטן פון הימל האָב איך אַייך
צעשפּרייט,
זאָגט גאָט.
[11] העי ציון, אַנטרין,
דו וואָס וווינסט ביי טאָכטער בָבל.
[12] וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאות,
וואָס האָט מיך געשיקט פון [אַייער] כבוד ווענן
צו די פעלקער וואָס באַרויבן אַייך:
פאַרוואָר, דער וואָס רירט אַייך אָן
רירט אָן דעם שוואַרצאַפּל פון זיין אויג.
[13] וואָרום זע, איך פאָך מיין האַנט אויף זיי,
און זיי וועלן ווערן אַ רויב צו די וואָס האָבן זיי געדינט,
און איר וועט וויסן אַז גאָט פון צבָאות האָט מיך געשיקט.
[14] זינג און פריי זיך, טאָכטער ציון,
וואָרום זע, איך קום, און וועל רוען צווישן דיר,
זאָגט גאָט.
[15] און פיל פעלקער וועלן זיך באַהעפטן אָן גאָט אין
יענעם טאָג,
און זיי וועלן מיר זיין צום פאָלק,
און איך וועל רוען אין דיין מיט;
און וועסט וויסן אַז גאָט פון צבָאות האָט מיך געשיקט צו דיר.
[16] און גאָט וועט אַרבן יהודה פאַר זיין חלק,
אויף דער הייליקער ערד,
און וועט ווידער אויסדערוויילן ירושָלַיִם.
[17] שטיל יעטוועדער לייב פאַר גאָט
וואָרום ער וועקט זיך פון זיין הייליקער וווינונג.

ג [1] און ער האָט מיר געוויזן יהוֹשוּעַ דעם כּהן־גָדול ווי ער שטייט פאַר דעם מלאך פון גאָט, און דער שׂטן שטייט אויף זיין רעכטער זייט, אים צו פאַרקלאָגן. [2] האָט גאָט געזאָגט צום שׂטן: גאָט שרייט אָן אויף דיר, שׂטן, יאָ, גאָט וואָס האָט אויסדערווײלט ירושָלַיִם, שרייט אָן אויף דיר; איז ניט דערדאָזיקער אַ שײַט אַרויסגעריסן פון פייער? [3] און יהוֹשוּעַ איז געווען אָנגעטאָן אין קויטיקע בגדים, און איז געשטאַנען פאַרן מלאך. [4] האָט ער זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט צו די וואָס זיינען געשטאַנען פאַר אים, אַזוי צו זאָגן: טוט אויס פון אים די קויטיקע בגדים. און צו אים האָט ער געזאָגט: זע, איך האָב אָפּגעטאָן פון דיר דיינע זינד, און וועל דיר אָנטאָן מלבושים. [5] האָב איך געזאָגט: זאָל מען אים אָנטאָן אַ ריינע הויב אויפן קאָפּ. און זיי האָבן אים אָנגעטאָן די ריינע הויב אויפן קאָפּ, און האָבן אים אָנגעקליידט בגדים; און דער מלאך פון גאָט איז געשטאַנען דערביי. [6] און דער מלאך פון גאָט האָט געוואָרנט יהוֹשוּעַן, אַזוי צו זאָגן:

ז יְהוָה בִּיהוֹשֻׁעַ לֵאמֹר׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אִם־בִּדְרָכַי
תֵּלֵךְ וְאִם אֶת־מִשְׁמַרְתִּי תִשְׁמֹר וְגַם־אַתָּה תָּדִין אֶת־בֵּיתִי
וְגַם תִּשְׁמֹר אֶת־חֲצֵרָי וְנָתַתִּי לְךָ מַהְלְכִים בֵּין הָעֹמְדִים
ח הָאֵלֶּה׃ שְׁמַע־נָא יְהוֹשֻׁעַ ׀ הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל אַתָּה וְרֵעֶיךָ
הַיֹּשְׁבִים לְפָנֶיךָ כִּי־אַנְשֵׁי מוֹפֵת הֵמָּה כִּי־הִנְנִי מֵבִיא אֶת־
ט עַבְדִּי צֶמַח׃ כִּי ׀ הִנֵּה הָאֶבֶן אֲשֶׁר נָתַתִּי לִפְנֵי יְהוֹשֻׁעַ
עַל־אֶבֶן אַחַת שִׁבְעָה עֵינָיִם הִנְנִי מְפַתֵּחַ פִּתֻּחָהּ נְאֻם יְהוָה
י צְבָאוֹת וּמַשְׁתִּי אֶת־עֲוֺן הָאָרֶץ־הַהִיא בְּיוֹם אֶחָד׃ בַּיּוֹם
הַהוּא נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת תִּקְרְאוּ אִישׁ לְרֵעֵהוּ אֶל־תַּחַת
גֶּפֶן וְאֶל־תַּחַת תְּאֵנָה׃

## ד

א וַיָּשָׁב הַמַּלְאָךְ הַדֹּבֵר בִּי וַיְעִירֵנִי כְּאִישׁ אֲשֶׁר־יֵעוֹר מִשְּׁנָתוֹ׃
ב וַיֹּאמֶר אֵלַי מָה אַתָּה רֹאֶה וָאֹמַר רָאִיתִי וְהִנֵּה מְנוֹרַת
זָהָב כֻּלָּהּ וְגֻלָּהּ עַל־רֹאשָׁהּ וְשִׁבְעָה נֵרֹתֶיהָ עָלֶיהָ שִׁבְעָה
ג וְשִׁבְעָה מוּצָקוֹת לַנֵּרוֹת אֲשֶׁר עַל־רֹאשָׁהּ׃ וּשְׁנַיִם זֵיתִים
ד עָלֶיהָ אֶחָד מִימִין הַגֻּלָּה וְאֶחָד עַל־שְׂמֹאלָהּ׃ וָאַעַן וָאֹמַר
ה אֶל־הַמַּלְאָךְ הַדֹּבֵר בִּי לֵאמֹר מָה־אֵלֶּה אֲדֹנִי׃ וַיַּעַן הַמַּלְאָךְ
הַדֹּבֵר בִּי וַיֹּאמֶר אֵלַי הֲלוֹא יָדַעְתָּ מָה־הֵמָּה אֵלֶּה וָאֹמַר
ו לֹא אֲדֹנִי׃ וַיַּעַן וַיֹּאמֶר אֵלַי לֵאמֹר זֶה דְּבַר־יְהוָה אֶל־
זְרֻבָּבֶל לֵאמֹר לֹא בְחַיִל וְלֹא בְכֹחַ כִּי אִם־בְּרוּחִי אָמַר
ז יְהוָה צְבָאוֹת׃ מִי־אַתָּה הַר־הַגָּדוֹל לִפְנֵי זְרֻבָּבֶל לְמִישֹׁר
וְהוֹצִיא אֶת־הָאֶבֶן הָרֹאשָׁה תְּשֻׁאוֹת חֵן ׀ חֵן לָהּ׃
ח ט וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ יְדֵי זְרֻבָּבֶל יִסְּדוּ הַבַּיִת הַזֶּה
וְיָדָיו תְּבַצַּעְנָה וְיָדַעְתָּ כִּי־יְהוָה צְבָאוֹת שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם׃
י כִּי מִי בַז לְיוֹם קְטַנּוֹת וְשָׂמְחוּ וְרָאוּ אֶת־הָאֶבֶן הַבְּדִיל בְּיַד
זְרֻבָּבֶל שִׁבְעָה־אֵלֶּה עֵינֵי יְהוָה הֵמָּה מְשׁוֹטְטִים בְּכָל־
יא הָאָרֶץ׃ וָאַעַן וָאֹמַר אֵלָיו מַה־שְּׁנֵי הַזֵּיתִים הָאֵלֶּה עַל־

ג, י׳ כצל ד, ב׳ ואמר קרי ז׳ עד כאן

7 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאות:
אויב אין מײַנע װעגן װעסטו גיין,
און אויב מײַן היטונג װעסטו היטן,
און דו װעסט אויך משפּטן מײַן הויז,
און װעסט אויך היטן מײַנע הויפן,
װעל איך דיר געבן אַן אומגאַנג
צװישן דידאָזיקע װאָס שטייען דאָ.
8 הער נאָר צו, יהושוע כּהן־גדול,
דו און דײַנע חברים װאָס זיצן פאַר דיר—
װאָרום פאַר אַ צייכן מענטשן זײַנען זיי—
װאָרום זע, איך ברענג מײַן קנעכט דעם „שפּראָץ"[א].
9 װאָרום אָט איז דער שטיין װאָס איך האָב געלייגט פאַר יהושוען
אויף דעם איין שטיין זײַנען זיבן אויגן.
זע, איך קריץ אויס זײַן אויסקריצונג,
זאָגט גאָט פון צבָאות;
און איך װעל אָפּטאָן די זינד פון דעמדאָזיקן לאַנד
אין איין טאָג.
10 אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט פון צבָאות,
װעט איר רופן איינער דעם אַנדערן
אונטער אַ װײַנשטאָק און אונטער אַ פײַגנבוים.

## ד

1 און דער מלאך װאָס האָט גערעדט מיט מיר, האָט זיך אומגעקערט, און ער האָט מיך אויפגעװעקט, אַזוי װי אַ מענטש װערט אויפגעװעקט פון זײַן שלאָף. 2 און ער האָט צו מיר געזאָגט: װאָס זעסטו? האָב איך געזאָגט: איך האָב געזען, ערשט אַ מנורה, אין גאַנצן פון גאָלד, און אויבן בײַ איר אַ בעקן, און אירע זיבן לעמפּלעך אויף איר, מיט זיבן, יאָ זיבן רערן צו די לעמפּלעך װאָס בײַ איר אויבן. 3 און צװיי איילבערטביימער לעבן איר, איינער פון דער רעכטער זײַט פון דעם בעקן, און איינער פון זײַן לינקער זײַט. 4 און איך האָב זיך אָפּגערופן און האָב געזאָגט צו דעם מלאך װאָס האָט מיט מיר גערעדט, אַזוי צו זאָגן: װאָס זײַנען דידאָזיקע, מײַן האַר? 5 האָט געענטפערט דער מלאך װאָס האָט מיט מיר גערעדט, און האָט געזאָגט צו מיר: װייסטו ניט װאָס דידאָזיקע זײַנען? האָב איך געזאָגט: ניין, מײַן האַר. 6 האָט ער זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט צו מיר, אַזוי צו זאָגן: דאָס איז דאָס װאָרט פון גאָט צו זרובָבלן, אַזוי צו זאָגן:

ניט מיט חיל און ניט מיט כּוח,
נאָר מיט מײַן גײַסט, זאָגט גאָט פון צבָאות.
7 װער ביסטו, גרויסער באַרג?
פאַר זרובָבלן װעסטו װערן אַ גלײַכער פּלאַץ;
און ער װעט אַרויסברענגען דעם קאָפּשטיין מיט געשרייען:
חן, חן צו אים!
8 און דאָס װאָרט פון גאָט איז געװען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
9 די הענט פון זרובָבלן האָבן געגרונטפעסט דאָסדאָזיקע הויז,
און זײַנע הענט װעלן עס ענדיקן,
און װעסט װיסן אַז גאָט פון צבָאות
האָט מיך געשיקט צו אײַך.
10 װאָרום װער נאָר עס האָט פאַראַכט
דעם טאָג פון קליינע אָנהייבן,
זיי װעלן זיך פרייען אַז זיי װעלן זען
דאָס בלײַגעװיכט אין זרובָבלס האַנט.
דידאָזיקע זיבן דאָס זײַנען די אויגן פון גאָט
װאָס װאַנדערן איבער דער גאַנצער ערד.

11 האָב איך זיך אָפּגערופן און האָב צו אים געזאָגט: װאָס זײַנען דידאָזיקע צװיי איילבערטביימער אויף דער

[א] צֶמַח.

רעכטער זייט פון דער מנורה און אויף איר לינקער זייט? 12 און איך האָב זיך אָפּגערופן אַ צווייט מאָל און האָב געזאָגט צו אים: וואָס זיינען די צוויי איילבערטצווייגן וואָס לעבן די צוויי גילדערנע גיסרערן וואָס ליידיקן אַרויס פון זיך דאָס גילדערנע בוימל? 13 האָט ער געזאָגט צו מיר, אַזוי צו זאָגן: ווייסטו ניט וואָס דידאָזיקע זיינען? האָב איך געזאָגט: ניין, מיין האַר. 14 האָט ער געזאָגט: דאָס זיינען די צוויי געזאַלבטע[א] וואָס שטייען לעבן דעם האַר פון דער גאַנצער ערד.

ה 1 און איך האָב ווידער אויפגעהויבן מיינע אויגן און האָב געזען, ערשט אַ פליעדיקע מגילה. 2 האָט ער צו מיר געזאָגט: וואָס זעסטו? האָב איך געזאָגט: איך זע אַ פליעדיקע מגילה; איר לענג צוואַנציק איילן, און איר ברייט צען איילן. 3 האָט ער צו מיר געזאָגט:

דאָס איז די קללה וואָס גייט אַרויס
איבער דעם געזיכט פון דער גאַנצער ערד;
וואָרום איטלעכער וואָס גנבעט,
ווערט פון דאַנען אַוועקגעראַמט לויט איר,
און איטלעכער וואָס שווערט [פאַלש],
ווערט פון דאַנען אַוועקגעראַמט לויט איר.
4 איך האָב זי אַרויסגעלאָזט, זאָגט גאָט פון צבָאוֹת,
און זי וועט קומען אין הויז פון דעם גנב,
און אין הויז פון דעם וואָס שווערט ביי מיין נאָמען צום פאַלשן,
און זי וועט בלייבן אין זיין הויז,
און זי וועט עס פאַרלענדן
מיט זיינע האָלצן און מיט זיינע שטיינער.

יב יְמִין הַמְּנוֹרָה וְעַל־שְׂמֹאולָהּ׃ וָאַעַן שֵׁנִית וָאֹמַר אֵלָיו
מַה־שְׁתֵּי שִׁבֲּלֵי הַזֵּיתִים אֲשֶׁר בְּיַד שְׁנֵי צַנְתְּרוֹת הַזָּהָב
יג הַמְרִיקִים מֵעֲלֵיהֶם הַזָּהָב׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי לֵאמֹר הֲלוֹא
יד יָדַעְתָּ מָה־אֵלֶּה וָאֹמַר לֹא אֲדֹנִי׃ וַיֹּאמֶר אֵלֶּה שְׁנֵי בְנֵי־
הַיִּצְהָר הָעֹמְדִים עַל־אֲדוֹן כָּל־הָאָרֶץ׃

ה

א וָאָשׁוּב וָאֶשָּׂא עֵינַי וָאֶרְאֶה וְהִנֵּה מְגִלָּה עָפָה׃ וַיֹּאמֶר
ב אֵלַי מָה אַתָּה רֹאֶה וָאֹמַר אֲנִי רֹאֶה מְגִלָּה עָפָה אָרְכָּהּ
ג עֶשְׂרִים בָּאַמָּה וְרָחְבָּהּ עֶשֶׂר בָּאַמָּה׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי זֹאת
הָאָלָה הַיּוֹצֵאת עַל־פְּנֵי כָל־הָאָרֶץ כִּי כָל־הַגֹּנֵב מִזֶּה
ד כָּמוֹהָ נִקָּה וְכָל־הַנִּשְׁבָּע מִזֶּה כָּמוֹהָ נִקָּה׃ הוֹצֵאתִיהָ נְאֻם
יְהוָה צְבָאוֹת וּבָאָה אֶל־בֵּית הַגַּנָּב וְאֶל־בֵּית הַנִּשְׁבָּע בִּשְׁמִי
לַשָּׁקֶר וְלָנֶה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ וְכִלַּתּוּ וְאֶת־עֵצָיו וְאֶת־אֲבָנָיו׃
ה וַיֵּצֵא הַמַּלְאָךְ הַדֹּבֵר בִּי וַיֹּאמֶר אֵלַי שָׂא נָא עֵינֶיךָ וּרְאֵה
ו מָה הַיּוֹצֵאת הַזֹּאת׃ וָאֹמַר מַה־הִיא וַיֹּאמֶר זֹאת הָאֵיפָה
ז הַיּוֹצֵאת וַיֹּאמֶר זֹאת עֵינָם בְּכָל־הָאָרֶץ׃ וְהִנֵּה כִּכַּר עֹפֶרֶת
ח נִשֵּׂאת וְזֹאת אִשָּׁה אַחַת יוֹשֶׁבֶת בְּתוֹךְ הָאֵיפָה׃ וַיֹּאמֶר
זֹאת הָרִשְׁעָה וַיַּשְׁלֵךְ אֹתָהּ אֶל־תּוֹךְ הָאֵיפָה וַיַּשְׁלֵךְ אֶת־
ט אֶבֶן הָעֹפֶרֶת אֶל־פִּיהָ׃ וָאֶשָּׂא עֵינַי וָאֵרֶא וְהִנֵּה שְׁתַּיִם
נָשִׁים יוֹצְאוֹת וְרוּחַ בְּכַנְפֵיהֶם וְלָהֵנָּה כְנָפַיִם כְּכַנְפֵי הַחֲסִידָה
י וַתִּשֶּׂנָה אֶת־הָאֵיפָה בֵּין הָאָרֶץ וּבֵין הַשָּׁמָיִם׃ וָאֹמַר אֶל־
הַמַּלְאָךְ הַדֹּבֵר בִּי אָנָה הֵמָּה מוֹלִכוֹת אֶת־הָאֵיפָה׃
יא וַיֹּאמֶר אֵלַי לִבְנוֹת־לָה בַיִת בְּאֶרֶץ שִׁנְעָר וְהוּכַן וְהֻנִּיחָה
שָׁם עַל־מְכֻנָתָהּ׃

ו

א וָאָשֻׁב וָאֶשָּׂא עֵינַי וָאֶרְאֶה וְהִנֵּה אַרְבַּע מַרְכָּבוֹת יֹצְאוֹת
ב מִבֵּין שְׁנֵי הֶהָרִים וְהֶהָרִים הָרֵי נְחֹשֶׁת׃ בַּמֶּרְכָּבָה הָרִאשֹׁנָה

ד, יא׳ יתיר י׳ יב׳ הש׳ רפה הב׳ בחטף פתח
ה, ט׳ ותשאנה קרי עס״א בן כתיב וקרי יא׳ הה׳ רפה

5 און דער מלאך וואָס האָט גערעדט מיט מיר, איז אַרויסגעגאַנגען, און האָט צו מיר געזאָגט: הייב אַקאָרשט אויף דיינע אויגן, און זע וואָס איז דאָסדאָזיקע וואָס גייט אַרויס? 6 האָב איך געזאָגט: וואָס איז דאָס? האָט ער געזאָגט: דאָס איז די אֵיפָה[ב] וואָס גייט אַרויס. און ער האָט געזאָגט: דאָס איז זייער אָנבליק אין גאַנצן לאַנד – 7 ערשט אַ רונד שטיק בליי האָט זיך אויפגעהויבן – און דאָס איז אַ פרוי וואָס זיצט אין דער אֵיפָה. 8 און ער האָט געזאָגט: דאָס איז די שלעכטיקייט. און ער האָט זי אַריינגעוואָרפן אין דער אֵיפָה, און האָט אַרויפגעוואָרפן דאָס שטיק בליי אויף איר עפענונג.

9 און איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן און האָב געזען, ערשט צוויי ווייבער גייען אַרויס, און אַ ווינט איז אין זייערע פליגלען, און די פליגלען ביי זיי זיינען ווי די פליגלען פון אַ שטאָרך; און זיי האָבן געטראָגן די אֵיפָה צווישן ערד און הימל. 10 האָב איך געזאָגט צו דעם מלאך וואָס האָט גערעדט מיט מיר: וואוהין טראָגן זיי די אֵיפָה? 11 האָט ער געזאָגט צו מיר: איר צו בויען אַ הויז אין לאַנד שִׁנְעָר; און אַז עס וועט צוגעברייט ווערן, וועט זי דאָרטן אַנידערגעשטעלט ווערן אויף איר אָרט.

ו 1 און איך האָב ווידער אויפגעהויבן מיינע אויגן און האָב געזען, ערשט פיר רייטוועגן גייען אַרויס פון צווישן צוויי בערג, און די בערג זיינען קופּערנע בערג. 2 אין ערשטן רייטוואָגן רויטע פערד, און אין צווייטן רייט־

[א] אין טעקסט: בְּנֵי־הַיִּצְהָר, די זין פון אייל. [ב] אַ געוויסע מאָס־כּלי.

סוּסִים אֲדֻמִּים וּבַמֶּרְכָּבָה הַשֵּׁנִית סוּסִים שְׁחֹרִים׃
ג וּבַמֶּרְכָּבָה הַשְּׁלִשִׁית סוּסִים לְבָנִים וּבַמֶּרְכָּבָה הָרְבִעִית
ד סוּסִים בְּרֻדִּים אֲמֻצִּים׃ וָאַעַן וָאֹמַר אֶל־הַמַּלְאָךְ הַדֹּבֵר
ה בִּי מָה־אֵלֶּה אֲדֹנִי׃ וַיַּעַן הַמַּלְאָךְ וַיֹּאמֶר אֵלָי אֵלֶּה אַרְבַּע
רֻחוֹת הַשָּׁמַיִם יוֹצְאוֹת מֵהִתְיַצֵּב עַל־אֲדוֹן כָּל־הָאָרֶץ׃
ו אֲשֶׁר־בָּהּ הַסּוּסִים הַשְּׁחֹרִים יֹצְאִים אֶל־אֶרֶץ צָפוֹן
וְהַלְּבָנִים יָצְאוּ אֶל־אַחֲרֵיהֶם וְהַבְּרֻדִּים יָצְאוּ אֶל־אֶרֶץ
ז הַתֵּימָן׃ וְהָאֲמֻצִּים יָצְאוּ וַיְבַקְשׁוּ לָלֶכֶת לְהִתְהַלֵּךְ בָּאָרֶץ
ח וַיֹּאמֶר לְכוּ הִתְהַלְּכוּ בָאָרֶץ וַתִּתְהַלַּכְנָה בָּאָרֶץ׃ וַיַּזְעֵק
אֹתִי וַיְדַבֵּר אֵלַי לֵאמֹר רְאֵה הַיּוֹצְאִים אֶל־אֶרֶץ צָפוֹן הֵנִיחוּ
ט אֶת־רוּחִי בְּאֶרֶץ צָפוֹן׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃
י לָקוֹחַ מֵאֵת הַגּוֹלָה מֵחֶלְדַּי וּמֵאֵת טוֹבִיָּה וּמֵאֵת יְדַעְיָה
וּבָאתָ אַתָּה בַּיּוֹם הַהוּא וּבָאתָ בֵּית יֹאשִׁיָּה בֶן־צְפַנְיָה
יא אֲשֶׁר־בָּאוּ מִבָּבֶל׃ וְלָקַחְתָּ כֶסֶף־וְזָהָב וְעָשִׂיתָ עֲטָרוֹת
יב וְשַׂמְתָּ בְּרֹאשׁ יְהוֹשֻׁעַ בֶּן־יְהוֹצָדָק הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל׃ וְאָמַרְתָּ
אֵלָיו לֵאמֹר כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת לֵאמֹר הִנֵּה־אִישׁ צֶמַח
יג שְׁמוֹ וּמִתַּחְתָּיו יִצְמָח וּבָנָה אֶת־הֵיכַל יְהוָה׃ וְהוּא יִבְנֶה
אֶת־הֵיכַל יְהוָה וְהוּא־יִשָּׂא הוֹד וְיָשַׁב וּמָשַׁל עַל־כִּסְאוֹ וְהָיָה
יד כֹהֵן עַל־כִּסְאוֹ וַעֲצַת שָׁלוֹם תִּהְיֶה בֵּין שְׁנֵיהֶם׃ וְהָעֲטָרֹת
תִּהְיֶה לְחֵלֶם וּלְטוֹבִיָּה וְלִידַעְיָה וּלְחֵן בֶּן־צְפַנְיָה לְזִכָּרוֹן
טו בְּהֵיכַל יְהוָה׃ וּרְחוֹקִים יָבֹאוּ וּבָנוּ בְּהֵיכַל יְהוָה וִידַעְתֶּם
כִּי־יְהוָה צְבָאוֹת שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם וְהָיָה אִם־שָׁמוֹעַ תִּשְׁמְעוּן
בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃

ז

א וַיְהִי בִּשְׁנַת אַרְבַּע לְדָרְיָוֶשׁ הַמֶּלֶךְ הָיָה דְבַר־יְהוָה אֶל־
ב זְכַרְיָה בְּאַרְבָּעָה לַחֹדֶשׁ הַתְּשִׁעִי בְּכִסְלֵו׃ וַיִּשְׁלַח בֵּית־
אֵל שַׂרְאֶצֶר וְרֶגֶם מֶלֶךְ וַאֲנָשָׁיו לְחַלּוֹת אֶת־פְּנֵי יְהוָה׃

---

ו, ז׳ סבירין ויאמר   יב׳ קמץ בזק   ז, א׳ כצל

וואָגן שוואַרצע פערד, [3] און אין דריטן רייטוואָגן ווייסע פערד, און אין פירטן רייטוואָגן געשפּרענקלטע ברוינע פערד. [4] האָב איך זיך אָפּגערופן און האָב געזאָגט צו דעם מלאך וואָס האָט מיט מיר גערעדט: וואָס זײַנען די־דאָזיקע, מײַן האַר? [5] האָט דער מלאך געענטפערט און האָט געזאָגט צו מיר: די־דאָזיקע גייען אַרויס צו די פיר ווינטן פון הימל, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר דעם האַר פון דער גאַנצער ערד. [6] דער וואָס אין אים זײַנען די שוואַרצע פערד גייט אַרויס צום לאַנד פון צפון, און די ווייסע זײַנען אַרויסגעגאַנגען נאָך זיי, און די געשפּרענקלטע זײַנען אַרויסגעגאַנגען צום לאַנד פון דָרום. [7] אויך די ברוינע זײַנען אַרויסגעגאַנגען, און זיי האָבן געוואָלט גיין אומוואַנדערן איבער דער ערד; האָט ער געזאָגט: גייט וואַנדערט אום איבער דער ערד. און זיי האָבן אומגעוואַנדערט איבער דער ערד. [8] און ער האָט צוגעשריען צו מיר, און האָט גערעדט צו מיר, אַזוי צו זאָגן: זע, די וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען צום לאַנד פון צפון, האָבן באַרוט מײַן געמיט אין לאַנד פון צפון.

[9] און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן: [10] נעם פון די גלות־לײַט, פון חֶלדַין, פון טוֹבִיָהן, און פון ידַעְיָהן, וואָס זײַנען געקומען פון בָבל, און זאָלסט גיין אין דעם אייגענעם טאָג, און קומען אין הויז פון יאשִיָה דעם זון פון צפַנְיָהן—[11] זאָלסט נעמען זילבער און גאָלד, און מאַכן קרוינען, און אָנטאָן אויפן קאָפּ פון יהושוּעַ דעם זון פון יהוֹצָדָקן, דעם כֹּהן־גָדול. [12] און זאָלסט זאָגן צו אים, אַזוי צו זאָגן:

אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאות,

אַזוי צו זאָגן:
אָט איז אַ מאַן וואָס זײַן נאָמען איז „שפּראָץ"[א],
און וואָס וועט אַרויסשפּראָצן פון זײַן אָרט,
און וועט בויען דעם טעמפּל פון גאָט.
[13] יאָ, ער וועט בויען דעם טעמפּל פון גאָט,
און ער וועט טראָגן דעם גלאַנץ,
און וועט זיצן און געוועלטיקן אויף זײַן טראָן,
און אַ כֹּהן וועט זײַן בײַ זײַן טראָן;
און אַ פרידלעכע באַראָטונג וועט זײַן צווישן זיי ביידן.

[14] און די קרוינען זאָלן זײַן חֶלֶמען, און טוֹבִיָהן,
און ידַעְיָהן, און חֵן דעם זון פון צפַנְיָהן,
פאַר אַ געדעכעניש אין דעם טעמפּל פון גאָט.
[15] און ווײַטע וועלן קומען,
און וועלן בויען אין דעם טעמפּל פון גאָט;
און איר וועט וויסן אַז גאָט פון צבָאות
האָט מיך געשיקט צו אײַך.
און עס וועט זײַן, אויב הערן וועט איר צוהערן
צו דעם קָול פון יהוה אײַער גאָט.

ז [1] און עס איז געווען אין פירטן יאָר פון מלך דָריָוֶש, איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו זכַריָהן אין פירטן טאָג פון נײַנטן חודש, אין כִסלֵו, [2] ווען בֵית־אֵל, שַׂראֶצֶר, און רֶגֶם־מֶלֶך און זײַנע מענטשן, האָבן געשיקט צו בעטן פאַר גאָט,

[א] צֶמַח.

3 און צו זאָגן צו די כּהנים וואָס אין הויז פֿון גאָט פֿון צבֿאָות, און צו די נבֿיאים, אַזוי צו זאָגן: זאָל איך וויינען אין דעם פֿינפֿטן חודש אָפּגעזונדערטערהייט, אַזוי ווי איך האָב געטאָן שוין פֿון כַּמָה יאָרן? 4 איז דאָס וואָרט פֿון גאָט פֿון צבֿאָות געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן: 5 זאָג צו דעם גאַנצן פֿאָלק פֿון לאַנד, און צו די כּהנים, אַזוי צו זאָגן: אַז איר האָט געפֿאַסט און געקלאָגט אין פֿינפֿטן און אין זיבעטן חודש שוין זיבעציק יאָר, האָט איר פֿאַסטן דען מיר געפֿאַסט? 6 און אַז איר עסט, און אַז איר טרינקט, זייט איר ניט די וואָס עסט, און איר די וואָס טרינקט? 7 דאָס זיינען דאָך די ווערטער וואָס גאָט האָט גערופֿן דורך די פֿריערדיקע נבֿיאים, ווען ירושָלַיִם איז געווען באַזעצט און בשלווה, מיט אירע שטעט רונד אַרום איר, און דער דָרום און די נידערונג זיינען געווען באַזעצט.

8 און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו זכַריָהן, אַזוי צו זאָגן:

9 אַזוי האָט געהאַט געזאָגט גאָט פֿון צבֿאָות,
אַזוי צו זאָגן:
משפּט אַן אמתן משפּט,
און טוט חסד און דערבאַרימונג איינער מיטן אַנדערן,
10 און אַן אלמנה און אַ יתום, אַ פֿרעמדן און אַן אָרימאַן,
זאָלט איר ניט דריקן,
און איינער דעם אַנדערנס רעה
זאָלט איר ניט טראַכטן אין אַייער האַרצן.
11 אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט האָרכן,
און זיי האָבן געקערט אַ ווידערשפּעניקן רוקן,
און זייערע אויערן האָבן זיי פֿאַרשטאָפּט ניט צו הערן.
12 און זייער האַרץ האָבן זיי געמאַכט אַזוי ווי
דימענטשטיין,
ניט צו הערן די תּורה און די ווערטער
וואָס גאָט פֿון צבֿאָות האָט געשיקט מיט זיין גייסט
דורך די פֿריערדיקע נבֿיאים;
דרום איז געוואָרן אַ גרויסער צאָרן פֿון גאָט פֿון
צבֿאָות.
13 און עס איז געווען:
אַזוי ווי ער האָט גערופֿן, און זיי האָבן ניט
צוגעהערט,
אַזוי וועלן זיי רופֿן, און איך וועל ניט צוהערן,
האָט געזאָגט גאָט פֿון צבֿאָות.
14 און איך וועל זיי צעשטורעמען איבער אַלע פֿעלקער
וואָס זיי האָבן זיי ניט געקענט.
אַזוי איז דאָס לאַנד וויסט געוואָרן נאָך זיי,
אָן אַ גייער און אָן אַ קומער;
און זיי האָבן געמאַכט דאָס גלוסטיקע לאַנד אַ
וויסטעניש.

ג לֵאמֹר אֶל־הַכֹּהֲנִים אֲשֶׁר לְבֵית־יְהוָה צְבָאוֹת וְאֶל־הַנְּבִיאִים
לֵאמֹר הַאֶבְכֶּה בַּחֹדֶשׁ הַחֲמִשִׁי הִנָּזֵר כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתִי זֶה
ד כַּמֶּה שָׁנִים׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה צְבָאוֹת אֵלַי לֵאמֹר׃
ה אֱמֹר אֶל־כָּל־עַם הָאָרֶץ וְאֶל־הַכֹּהֲנִים לֵאמֹר כִּי־צַמְתֶּם
וְסָפוֹד בַּחֲמִישִׁי וּבַשְּׁבִיעִי וְזֶה שִׁבְעִים שָׁנָה הֲצוֹם צַמְתֻּנִי
ו אָנִי׃ וְכִי תֹאכְלוּ וְכִי תִשְׁתּוּ הֲלוֹא אַתֶּם הָאֹכְלִים וְאַתֶּם
ז הַשֹּׁתִים׃ הֲלוֹא אֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר קָרָא יְהוָה בְּיַד
הַנְּבִיאִים הָרִאשֹׁנִים בִּהְיוֹת יְרוּשָׁלִַם יֹשֶׁבֶת וּשְׁלֵוָה וְעָרֶיהָ
ח סְבִיבֹתֶיהָ וְהַנֶּגֶב וְהַשְּׁפֵלָה יֹשֵׁב׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה
ט אֶל־זְכַרְיָה לֵאמֹר׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת לֵאמֹר מִשְׁפַּט
י אֱמֶת שְׁפֹטוּ וְחֶסֶד וְרַחֲמִים עֲשׂוּ אִישׁ אֶת־אָחִיו׃ וְאַלְמָנָה
וְיָתוֹם גֵּר וְעָנִי אַל־תַּעֲשֹׁקוּ וְרָעַת אִישׁ אָחִיו אַל־תַּחְשְׁבוּ
יא בִּלְבַבְכֶם׃ וַיְמָאֲנוּ לְהַקְשִׁיב וַיִּתְּנוּ כָתֵף סֹרָרֶת וְאָזְנֵיהֶם
יב הִכְבִּידוּ מִשְּׁמוֹעַ׃ וְלִבָּם שָׂמוּ שָׁמִיר מִשְּׁמוֹעַ אֶת־הַתּוֹרָה
וְאֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר שָׁלַח יְהוָה צְבָאוֹת בְּרוּחוֹ בְּיַד
הַנְּבִיאִים הָרִאשֹׁנִים וַיְהִי קֶצֶף גָּדוֹל מֵאֵת יְהוָה צְבָאוֹת׃
יג וַיְהִי כַאֲשֶׁר־קָרָא וְלֹא שָׁמֵעוּ כֵּן יִקְרְאוּ וְלֹא אֶשְׁמָע אָמַר
יד יְהוָה צְבָאוֹת׃ וְאֵסָעֲרֵם עַל כָּל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר לֹא־יְדָעוּם
וְהָאָרֶץ נָשַׁמָּה אַחֲרֵיהֶם מֵעֹבֵר וּמִשָּׁב וַיָּשִׂימוּ אֶרֶץ
חֶמְדָּה לְשַׁמָּה׃

ח

א וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה צְבָאוֹת לֵאמֹר׃
ב כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
קִנֵּאתִי לְצִיּוֹן קִנְאָה גְדוֹלָה וְחֵמָה גְדוֹלָה קִנֵּאתִי לָהּ׃
ג כֹּה אָמַר יְהוָה שַׁבְתִּי אֶל־צִיּוֹן וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹךְ יְרוּשָׁלִָם
וְנִקְרְאָה יְרוּשָׁלִַם עִיר הָאֱמֶת וְהַר־יְהוָה צְבָאוֹת הַר
ד הַקֹּדֶשׁ׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת עֹד יֵשְׁבוּ זְקֵנִים
וּזְקֵנוֹת בִּרְחֹבוֹת יְרוּשָׁלִָם וְאִישׁ מִשְׁעַנְתּוֹ בְּיָדוֹ מֵרֹב יָמִים׃

ז, יא׳ ס״א ויתנו כָּתֵף יג׳ קמץ בז״ק יד׳ ב׳ טעמים

ח 1 און דאָס וואָרט פֿון גאָט פֿון צבֿאָות איז געווען אַזוי צו זאָגן:

2 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבֿאָות:
מיך פֿאַרדריסט וועגן צִיון אַ גרויס פֿאַרדראָס,
און מיט גרויס גרימצאָרן פֿאַרדריסט מיך וועגן איר.
3 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
איך קער זיך אום קיין צִיון,
און איך וועל רוען אין ירושָלַיִם,
און ירושָלַיִם וועט גערופֿן ווערן די שטאָט פֿון אמת,
און דער באַרג פֿון גאָט פֿון צבֿאָות, דער הייליקער באַרג.
4 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבֿאָות:
עס וועלן נאָך זיצן זקנים און זקנות אין די גאַסן פֿון
ירושָלַיִם,
איטלעכער מיט זיין שטעקן אין זיין האַנט, פֿון גרויס
עלטער.

וּרְחֹבוֹת הָעִיר יִמָּלְאוּ יְלָדִים וִילָדוֹת מְשַׂחֲקִים בִּרְחֹבֹתֶיהָ׃ ה
כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת כִּי יִפָּלֵא בְּעֵינֵי שְׁאֵרִית ו
הָעָם הַזֶּה בַּיָּמִים הָהֵם גַּם־בְּעֵינַי יִפָּלֵא נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת׃
כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת הִנְנִי מוֹשִׁיעַ אֶת־עַמִּי מֵאֶרֶץ ז
מִזְרָח וּמֵאֶרֶץ מְבוֹא הַשָּׁמֶשׁ׃ וְהֵבֵאתִי אֹתָם וְשָׁכְנוּ בְּתוֹךְ ח
יְרוּשָׁלָ͏ִם וְהָיוּ־לִי לְעָם וַאֲנִי אֶהְיֶה לָהֶם לֵאלֹהִים בֶּאֱמֶת
וּבִצְדָקָה׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת תֶּחֱזַקְנָה יְדֵיכֶם ט
הַשֹּׁמְעִים בַּיָּמִים הָאֵלֶּה אֵת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה מִפִּי הַנְּבִיאִים
אֲשֶׁר בְּיוֹם יֻסַּד בֵּית־יְהוָה צְבָאוֹת הַהֵיכָל לְהִבָּנוֹת׃ כִּי י
לִפְנֵי הַיָּמִים הָהֵם שְׂכַר הָאָדָם לֹא נִהְיָה וּשְׂכַר הַבְּהֵמָה
אֵינֶנָּה וְלַיּוֹצֵא וְלַבָּא אֵין־שָׁלוֹם מִן־הַצָּר וַאֲשַׁלַּח אֶת־כָּל־
הָאָדָם אִישׁ בְּרֵעֵהוּ׃ וְעַתָּה לֹא כַיָּמִים הָרִאשֹׁנִים אֲנִי יא
לִשְׁאֵרִית הָעָם הַזֶּה נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת׃ כִּי־זֶרַע הַשָּׁלוֹם יב
הַגֶּפֶן תִּתֵּן פִּרְיָהּ וְהָאָרֶץ תִּתֵּן אֶת־יְבוּלָהּ וְהַשָּׁמַיִם יִתְּנוּ
טַלָּם וְהִנְחַלְתִּי אֶת־שְׁאֵרִית הָעָם הַזֶּה אֶת־כָּל־אֵלֶּה׃
וְהָיָה כַּאֲשֶׁר הֱיִיתֶם קְלָלָה בַּגּוֹיִם בֵּית יְהוּדָה וּבֵית יג
יִשְׂרָאֵל כֵּן אוֹשִׁיעַ אֶתְכֶם וִהְיִיתֶם בְּרָכָה אַל־תִּירָאוּ
תֶּחֱזַקְנָה יְדֵיכֶם׃ כִּי כֹה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת כַּאֲשֶׁר יד
זָמַמְתִּי לְהָרַע לָכֶם בְּהַקְצִיף אֲבֹתֵיכֶם אֹתִי אָמַר יְהוָה
צְבָאוֹת וְלֹא נִחָמְתִּי׃ כֵּן שַׁבְתִּי זָמַמְתִּי בַּיָּמִים הָאֵלֶּה טו
לְהֵיטִיב אֶת־יְרוּשָׁלַ͏ִם וְאֶת־בֵּית יְהוּדָה אַל־תִּירָאוּ׃ אֵלֶּה טז
הַדְּבָרִים אֲשֶׁר תַּעֲשׂוּ דַּבְּרוּ אֱמֶת אִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ אֱמֶת
וּמִשְׁפַּט שָׁלוֹם שִׁפְטוּ בְּשַׁעֲרֵיכֶם׃ וְאִישׁ׀ אֶת־רָעַת רֵעֵהוּ יז
אַל־תַּחְשְׁבוּ בִּלְבַבְכֶם וּשְׁבֻעַת שֶׁקֶר אַל־תֶּאֱהָבוּ כִּי אֶת־
כָּל־אֵלֶּה אֲשֶׁר שָׂנֵאתִי נְאֻם־יְהוָה׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה יח
צְבָאוֹת אֵלַי לֵאמֹר׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת צוֹם הָרְבִיעִי יט
וְצוֹם הַחֲמִישִׁי וְצוֹם הַשְּׁבִיעִי וְצוֹם הָעֲשִׂירִי יִהְיֶה לְבֵית־
יְהוּדָה לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה וּלְמֹעֲדִים טוֹבִים וְהָאֱמֶת וְהַשָּׁלוֹם

5 און די גאַסן פון דער שטאָט
וועלן זיין פול מיט ייִנגלעך און מיידלעך
וואָס שפּילן זיך אין אירע גאַסן.
6 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאות:
אויב דאָט וועט זיין ווונדערלעך אין די אויגן
פון דעם איבערבלייב פון דעמדאָזיקן פאָלק אין יענע טעג,
זאָל עס אויך אין מיינע אויגן זיין ווונדערלעך?
זאָגט גאָט פון צבָאות.
7 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאות:
זע, איך העלף מיין פאָלק, פון דעם לאַנד פון זונאויפגאַנג,
און פון דעם לאַנד פון זונאונטערגאַנג.
8 און איך וועל זיי ברענגען,
און זיי וועלן וווינען אין ירושָלַיִם,
און זיי וועלן מיר זיין צום פאָלק,
און איך וועל זיי זיין צום גאָט,
מיט אמת און מיט גערעכטיקייט.

9 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאות: זאָלן געשטאַרקט זיין אַייערע הענט, איר וואָס הערט אַיין אין דידאָזיקע טעג דידאָזיקע ווערטער פון דעם מויל פון די נביאים וואָס זיינען געווען אין דעם טאָג וואָס דאָס הויז פון גאָט פון צבָאות, דער טעמפּל, איז געגרונטפעסט געוואָרן געבויט צו ווערן. 10 וואָרום פאַר יענע טעג איז קיין לוין פאַרן מענטשן ניט געווען, און קיין לוין פאַר דער בהמה איז ניט געווען, און פאַר דעם אַרויסגייער און פאַר דעם אַריינגייער איז ניט געווען קיין זיכערקייט פון דעם פיינט, און איך פלעג אָנשיקן אַלע מענטשן איינעם אויפן אַנדערן. 11 אָבער אַצונד וועל איך ניט זיין צו דעם איבערבלייב פון דעמדאָזיקן פאָלק אַזוי ווי אין די פריערדיקע טעג, זאָגט גאָט פון צבָאות.

12 וואָרום דער זאָמען פון שלום וועט זיין,
אַז דער וויינשטאָק וועט געבן זיין פרוכט,
און די ערד וועט געבן איר געוועקס,
און די הימלען וועלן געבן זייער טוי;
און איך וועל דעם איבערבלייב פון דעמדאָזיקן פאָלק,
מאַכן אַרבן אַלדאָסדאָזיקע.
13 און עס וועט זיין,
אַזוי ווי איר זייט געווען אַ קללה צווישן די פעלקער,
איר הויז פון יהודה און הויז פון ישראל,
אַזוי וועל איך אייך העלפן,
און איר וועט ווערן אַ ברכה;
איר זאָלט ניט מורא האָבן;
זאָלן געשטאַרקט זיין אַייערע הענט.
14 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאות:
אַזוי ווי איך האָב באַדאַכט אייך שלעכטס צו טאָן,
ווען אַייערע עלטערן האָבן מיך דערצערנט,
זאָגט גאָט פון צבָאות,
און איך האָב ניט חרטה געהאַט,
15 אַזוי האָב איך ווידער באַדאַכט אין דידאָזיקע טעג
צו באַגיטיקן ירושָלַיִם און דאָס הויז פון יהודה;
איר זאָלט ניט מורא האָבן.
16 דאָס זיינען די זאַכן וואָס איר זאָלט טאָן:
רעדט אמת איינער מיטן אַנדערן,
אמת און אַ פרידלעכן משפט
טוט משפטן אין אַייערע טויערן.
17 און איינער דעם אַנדערנס רעהא
זאָלט איר ניט טראַכטן אין אַייער האַרצן,
און קיין פאַלשע שבועה זאָלט איר ניט ליב האָבן,
וואָרום דאָס אַלץ איז וואָס איך האָב פיינט,
זאָגט גאָט.

18 און דאָס וואָרט פון גאָט פון צבָאות איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן: 19 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאות: דער תָּענית פון פירטן חודש, און דער תָּענית פון פינפטן, און דער תָּענית פון זיבעטן, און דער תָּענית פון צענטן, וועט זיין דעם הויז פון יהודה פאַר אַ פרייד און פאַר אַ שמחה, און פאַר יום־טובים; נאָר האָט ליב אמת און שלום.

א ווארטשפיל: רָעַת־רֵעֵהוּ.

כ אֱהָבוּ׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת עֹד אֲשֶׁר־יָבֹאוּ עַמִּים
כא וְיֹשְׁבֵי עָרִים רַבּוֹת׃ וְהָלְכוּ יוֹשְׁבֵי אַחַת אֶל־אַחַת לֵאמֹר
נֵלְכָה הָלוֹךְ לְחַלּוֹת אֶת־פְּנֵי יְהוָה וּלְבַקֵּשׁ אֶת־יְהוָה צְבָאוֹת
כב אֵלְכָה גַּם־אָנִי׃ וּבָאוּ עַמִּים רַבִּים וְגוֹיִם עֲצוּמִים לְבַקֵּשׁ
אֶת־יְהוָה צְבָאוֹת בִּירוּשָׁלִָם וּלְחַלּוֹת אֶת־פְּנֵי יְהוָה׃
כג כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת בַּיָּמִים הָהֵמָּה אֲשֶׁר יַחֲזִיקוּ עֲשָׂרָה
אֲנָשִׁים מִכֹּל לְשֹׁנוֹת הַגּוֹיִם וְהֶחֱזִיקוּ בִּכְנַף אִישׁ יְהוּדִי
לֵאמֹר נֵלְכָה עִמָּכֶם כִּי שָׁמַעְנוּ אֱלֹהִים עִמָּכֶם׃

## ט

א מַשָּׂא דְבַר־יְהוָה בְּאֶרֶץ חַדְרָךְ וְדַמֶּשֶׂק מְנֻחָתוֹ כִּי לַיהוָה
ב עֵין אָדָם וְכֹל שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְגַם־חֲמָת תִּגְבָּל־בָּהּ צֹר
ג וְצִידוֹן כִּי חָכְמָה מְאֹד׃ וַתִּבֶן צֹר מָצוֹר לָהּ וַתִּצְבָּר־כֶּסֶף
ד כֶּעָפָר וְחָרוּץ כְּטִיט חוּצוֹת׃ הִנֵּה אֲדֹנָי יוֹרִשֶׁנָּה וְהִכָּה
ה בַיָּם חֵילָהּ וְהִיא בָּאֵשׁ תֵּאָכֵל׃ תֵּרֶא אַשְׁקְלוֹן וְתִירָא וְעַזָּה
וְתָחִיל מְאֹד וְעֶקְרוֹן כִּי־הֹבִישׁ מֶבָּטָהּ וְאָבַד מֶלֶךְ מֵעַזָּה
ו וְאַשְׁקְלוֹן לֹא תֵשֵׁב׃ וְיָשַׁב מַמְזֵר בְּאַשְׁדּוֹד וְהִכְרַתִּי גְּאוֹן
ז פְּלִשְׁתִּים׃ וַהֲסִרֹתִי דָמָיו מִפִּיו וְשִׁקֻּצָיו מִבֵּין שִׁנָּיו וְנִשְׁאַר
גַּם־הוּא לֵאלֹהֵינוּ וְהָיָה כְּאַלֻּף בִּיהוּדָה וְעֶקְרוֹן כִּיבוּסִי׃
ח וְחָנִיתִי לְבֵיתִי מִצָּבָה מֵעֹבֵר וּמִשָּׁב וְלֹא־יַעֲבֹר עֲלֵיהֶם עוֹד
ט נֹגֵשׂ כִּי עַתָּה רָאִיתִי בְעֵינָי׃ גִּילִי מְאֹד בַּת־צִיּוֹן
הָרִיעִי בַּת־יְרוּשָׁלִַם הִנֵּה מַלְכֵּךְ יָבוֹא לָךְ צַדִּיק וְנוֹשָׁע
י הוּא עָנִי וְרֹכֵב עַל־חֲמוֹר וְעַל־עַיִר בֶּן־אֲתֹנוֹת׃ וְהִכְרַתִּי־
רֶכֶב מֵאֶפְרַיִם וְסוּס מִירוּשָׁלִַם וְנִכְרְתָה קֶשֶׁת מִלְחָמָה
וְדִבֶּר שָׁלוֹם לַגּוֹיִם וּמָשְׁלוֹ מִיָּם עַד־יָם וּמִנָּהָר עַד־אַפְסֵי־
יא אָרֶץ׃ גַּם־אַתְּ בְּדַם־בְּרִיתֵךְ שִׁלַּחְתִּי אֲסִירַיִךְ מִבּוֹר אֵין
יב מַיִם בּוֹ׃ שׁוּבוּ לְבִצָּרוֹן אֲסִירֵי הַתִּקְוָה גַּם־הַיּוֹם מַגִּיד
יג מִשְׁנֶה אָשִׁיב לָךְ׃ כִּי־דָרַכְתִּי לִי יְהוּדָה קֶשֶׁת מִלֵּאתִי

ט, ה׳ מלרע    המ׳ בסגל    ח׳ ה׳ נמקם א׳    ט׳ מלרע

20 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאוֹת:
עס וועט נאָך געשען,
אַז קומען וועלן פעלקער
און באַוווינער פון פיל שטעט;
21 און די באַוווינער פון איין שטאָט
וועלן גיין צו דער אַנדערער, אַזוי צו זאָגן:
גיין לאָמיר גיין צו בעטן פאַר גאָט,
און צו זוכן דעם גאָט פון צבָאוֹת;
איך וויל אויך גיין.
22 און קומען וועלן פיל אומות און מאַכטיקע פעלקער
צו זוכן גאָט פון צבָאוֹת אין ירושָלַיִם,
און צו בעטן פאַר גאָט.

23 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאוֹת:
אין יענע טעג וועט געשען,
אַז אָנגעמען וועלן צען מענטשן
פון אַלערליי לשונות פון די פעלקער—
אָנגעמען דעם ברעג קלייד פון אַ ייִדן,
אַזוי צו זאָגן:
לאָמיר גיין מיט אײַך,
וואָרום מיר האָבן געהערט אַז גאָט איז מיט אײַך.

ט 1 די נבואה פון גאָטס וואָרט:
אין לאַנד חַדרָך און דַמֶשֶׂק
וועט זיין זיין לאַגערונג—
וואָרום צו גאָט איז דאָס אויג פון מענטשן,
ווי פון אַלע שבטים פון ישׂראל—
2 און אויך אין חַמָת וואָס גרענעצט זיך דערמיט,
און אין צוֹר און צידון ווי זייער קלוג זי איז.
3 און צוֹר האָט זיך אַ פעסטונג געבויט[א],
און אָנגעקליבן זילבער ווי שטויב,
און גינגאָלד ווי קויט פון די גאַסן.
4 זע, גאָט וועט זי פאַראַרימען,
און ער וועט שליידערן אין ים איר מאַכט,
און זי וועט אין פייער פאַרצערט ווערן.
5 אַשקלון וועט זען און וועט מורא האָבן,
און עַזָה—און זי וועט ציטערן זייער,
און עֶקרון—ווייל צו שאַנד געוואָרן איז איר אויסקוק;
און אונטערגיין וועט אַ מלך פון עַזָה,
און אַשקלון וועט זיין ניט באַוווינט.
6 און אַ ממזר־פאָלק וועט זיצן אין אַשדוֹד,
און איך וועל פאַרשניידן דעם שטאָלץ פון די פּלִשתּים.
7 און איך וועל אָפּטאָן זיין בלוט פון זיין מויל,
און זיינע אומווערדיקייטן פון צווישן זיינע ציין,
און ער אויך וועט בלייבן ביי אונדזער גאָט;
און ער וועט זיין ווי אַ פירשט אין יהודה,
און עֶקרון וועט זיין ווי דער יבוסי.
8 און איך וועל לאַגערן אַרום מיין הויז אַקעגן חיל,
אַקעגן גייער און אַקעגן קומער,
און מער וועט ניט דורכגיין דורך זיי קיין דריקער;
וואָרום אַצונד האָב איך געזען מיט מיינע אויגן.

9 פריי זיך זייער, טאָכטער ציון,
שאַל, טאָכטער ירושָלַיִם,
זע, דיין מלך וועט קומען צו דיר,
אַ גערעכטער און אַ זיגער איז ער;
אַן עָנָו, און רייט אויף אַן אייזל,
אויף אַ יונגן זון פון אַן אייזעלין.
10 און איך וועל פאַרשניידן אַ רייטוואָגן פון אפרים,
און אַ פערד פון ירושָלַיִם,
און פאַרשניטן וועט ווערן דער בויגן פון מלחמה;
און ער וועט רעדן שלום צו די פעלקער,
און זיין געוועלטיקונג וועט זיין פון ים ביז ים,
און פון טייך[ב] ביז די עקן פון דער ערד.
11 יאָ דו—פאַר דעם בלוט פון דיין בונד,
לאָז איך אַרויס דיינע געפאַנגענע
פון דער גרוב אָן וואַסער דרינען.
12 קערט אייך אום צו באַפעסטיקייט,
איר געפאַנגענע פון האָפענונג;
נאָך היינט זאָג איך אָן:
טאָפּל וועל איך דיר אומקערן.
13 וואָרום איך שפּאַן מיר אָן יהודה,

[א] וואָרטשפּיל: צֹר מָצוֹר.    [ב] פּרָת.

אֶפְרַיִם וְעוֹרַרְתִּי בָנַיִךְ צִיּוֹן עַל־בָּנַיִךְ יָוָן וְשַׂמְתִּיךְ כְּחֶרֶב
יד גִּבּוֹר׃ וַיהוָה עֲלֵיהֶם יֵרָאֶה וְיָצָא כַבָּרָק חִצּוֹ וַאדֹנָי יֱהוִה
טו בַּשּׁוֹפָר יִתְקָע וְהָלַךְ בְּסַעֲרוֹת תֵּימָן׃ יְהוָה צְבָאוֹת יָגֵן
עֲלֵיהֶם וְאָכְלוּ וְכָבְשׁוּ אַבְנֵי־קֶלַע וְשָׁתוּ הָמוּ כְּמוֹ־יָיִן
טז וּמָלְאוּ כַּמִּזְרָק כְּזָוִיּוֹת מִזְבֵּחַ׃ וְהוֹשִׁיעָם יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם
בַּיּוֹם הַהוּא כְּצֹאן עַמּוֹ כִּי אַבְנֵי־נֵזֶר מִתְנוֹסְסוֹת עַל־
יז אַדְמָתוֹ׃ כִּי מַה־טּוּבוֹ וּמַה־יָּפְיוֹ דָּגָן בַּחוּרִים וְתִירוֹשׁ
יְנוֹבֵב בְּתֻלוֹת׃

## י

א שַׁאֲלוּ מֵיְהוָה מָטָר בְּעֵת מַלְקוֹשׁ יְהוָה עֹשֶׂה חֲזִיזִים
ב וּמְטַר־גֶּשֶׁם יִתֵּן לָהֶם לְאִישׁ עֵשֶׂב בַּשָּׂדֶה׃ כִּי הַתְּרָפִים
דִּבְּרוּ־אָוֶן וְהַקּוֹסְמִים חָזוּ שֶׁקֶר וַחֲלֹמוֹת הַשָּׁוְא יְדַבֵּרוּ
הֶבֶל יְנַחֵמוּן עַל־כֵּן נָסְעוּ כְמוֹ־צֹאן יַעֲנוּ כִּי־אֵין רֹעֶה׃
ג עַל־הָרֹעִים חָרָה אַפִּי וְעַל־הָעַתּוּדִים אֶפְקוֹד כִּי־פָקַד יְהוָה
צְבָאוֹת אֶת־עֶדְרוֹ אֶת־בֵּית יְהוּדָה וְשָׂם אוֹתָם כְּסוּס הוֹדוֹ
ד בַּמִּלְחָמָה׃ מִמֶּנּוּ פִנָּה מִמֶּנּוּ יָתֵד מִמֶּנּוּ קֶשֶׁת מִלְחָמָה
ה מִמֶּנּוּ יֵצֵא כָל־נוֹגֵשׂ יַחְדָּו׃ וְהָיוּ כְגִבֹּרִים בּוֹסִים בְּטִיט
חוּצוֹת בַּמִּלְחָמָה וְנִלְחֲמוּ כִּי יְהוָה עִמָּם וְהֹבִישׁוּ רֹכְבֵי
ו סוּסִים׃ וְגִבַּרְתִּי ׀ אֶת־בֵּית יְהוּדָה וְאֶת־בֵּית יוֹסֵף אוֹשִׁיעַ
וְהוֹשְׁבוֹתִים כִּי רִחַמְתִּים וְהָיוּ כַּאֲשֶׁר לֹא־זְנַחְתִּים כִּי
ז אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם וְאֶעֱנֵם׃ וְהָיוּ כְגִבּוֹר אֶפְרַיִם וְשָׂמַח
לִבָּם כְּמוֹ־יָיִן וּבְנֵיהֶם יִרְאוּ וְשָׂמֵחוּ יָגֵל לִבָּם בַּיהוָה׃
ח אֶשְׁרְקָה לָהֶם וַאֲקַבְּצֵם כִּי פְדִיתִים וְרָבוּ כְּמוֹ רָבוּ׃
ט וְאֶזְרָעֵם בָּעַמִּים וּבַמֶּרְחַקִּים יִזְכְּרוּנִי וְחָיוּ אֶת־בְּנֵיהֶם
י וָשָׁבוּ׃ וַהֲשִׁבוֹתִים מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם וּמֵאַשּׁוּר אֲקַבְּצֵם וְאֶל־
יא אֶרֶץ גִּלְעָד וּלְבָנוֹן אֲבִיאֵם וְלֹא יִמָּצֵא לָהֶם׃ וְעָבַר בַּיָּם
צָרָה וְהִכָּה בַיָּם גַּלִּים וְהֹבִישׁוּ כֹּל מְצוּלוֹת יְאֹר וְהוּרַד

ט, יד׳ קמץ בז״ק   טו׳ בס״א המו

חי אַ בויגן צי איך אָן אפרים,
און איך װעל דערװעקן דײַנע קינדער, ציון,
אויף דײַנע קינדער, יָוָן,
און איך װעל דיך מאַכן װי די שװערד פון אַ גיבור.
14 און גאָט װעט זיך באַװײַזן איבער זײ,
און אַרויסגײן װי אַ בליץ װעט זײַן פײַל;
און גאָט דער האַר װעט בלאָזן אין שופר,
און װעט קומען מיט שטורעמס פון דָרום.
15 גאָט פון צבָאות װעט זײ באַשירעמען,
און זײ װעלן פאַרצערן, און צעטרעטן די שלײַדער־
שטײנער,
און זײ װעלן טרינקען און טומלען װי פון װײַן,
און זײ װעלן פול זײַן װי די בעקנס,
װי די װינקלען פון מזבח.
16 און יהוה זײער גאָט װעט זײ העלפן אין יענעם טאָג,
װי שאָף — זײַן פאָלק;
װאָרום װי קרוינשטײנער גלאַנציקע
װעלן זײ זײַן אויף זײַן ערד.
17 פאַרװאָר, װאָס פאַר אַ װוּלקײט װעט זײַן זײערס!
און װאָס פאַר אַ שײנקײט װעט זײַן זײערס!
װי קאָרן די בָחורים,
װי װײַן װאָס טוט ייִרן די יונגפרויען.

י 1 בעט בײַ גאָט רעגן אין דער צײַט פון שפּעטרעגן,
בײַ גאָט װאָס מאַכט בליצן;
און ער װעט זײ געבן אַ גוסרעגן,
איטלעכן — גראָז אויפן פעלד.
2 װאָרום די תּרָפים האָבן גערעדט נישטיקײט,
און די װאָרזאָגער האָבן געזען ליגן,
און די חלומות רעדן פאַלש,
נישטיק טוען זײ טרײסטן.
דרום האָבן זײ אומגעװאַנדערט אַזױ װי שאָף,
זײ פּלאָגן זיך, װײַל קײן פּאַסטוך איז ניטאָ.

3 אויף די פּאַסטוכער גרימט מײַן צאָרן,
און מיט די בעק װעל איך זיך אָפּרעכענען;

װאָרום גאָט פון צבָאות האָט געדאַכט אָן זײַן סטאַדע,
דעם הויז פון יהודה,
און מאַכט זײ װי זײַן פּראַכטפערד אין מלחמה.
4 פון אים דער װינקלשטײן,
פון אים דאָס פּלעקל,
פון אים דער בויגן פון מלחמה,
פון אים װעט אַרויסגײן יעטװעדער געװעלטיקער
באַגלײַך.
5 און זײ װעלן זײַן װי גיבורים
װאָס טרעטן דעם קויט פון די גאַסן אין מלחמה,
און זײ װעלן בײַקומען, װאָרום גאָט װעט זײַן מיט
זײ,
און די רײַטער אויף פערד װעלן פאַרשעמט װערן.
6 און איך װעל שטאַרקן דאָס הויז פון יהודה,
און דאָס הויז פון יוסף װעל איך העלפן,
און איך װעל זײ אומקערן, װאָרום איך טו זײ
דערבאַרימען;
און זײ װעלן זײַן װי איך װאָלט זײ קײנמאָל ניט
פאַרלאָזט,

װאָרום איך בין יהוה זײער גאָט, און װעל זײ ענטפערן.
7 און אפרים װעט זײַן װי אַ גיבור,
און זײער האַרץ װעט זײַן פרײלעך װי פון װײַן;
און זײערע זין װעלן זען און זיך פרײען,
זײער האַרץ װעט זײַן לוסטיק מיט גאָט.
8 איך װעל שמוצערן צו זײ, און װעל זײ אײַנזאַמלען,
װאָרום איך טו זײ אויסלײזן;
און זײ װעלן זיך מערן װי זײ האָבן זיך געמערט.
9 יאָ, איך װעל זײ צעזײען צװישן די פעלקער,
אָבער אין די װײַטענישן װעלן זײ מיך דערמאָנען,
און זײ װעלן דערלעבן מיט זײערע קינדער,
און װעלן זיך אומקערן.
10 און איך װעל זײ אומקערן פון לאַנד מִצרַיִם,
און פון אַשור װעל איך זײ אײַנזאַמלען;
און קײן לאַנד גִלעָד און לבָנון װעל איך זײ ברענגען,
און עס װעט זײ ניט קלעקן.
11 און אָן אַנגסט װעט אַריבערגײן איבערן ים,
און ער װעט שלאָגן װעלן אויפן ים,
און אויסגעטריקנט װעלן װערן אַלע טיפענישן פון נילוס,

און גענידערט וועט ווערן דער שטאָלץ פון אשור,
און דער צעפּטער פון מִצרַיִם וועט אָפּגעטאָן ווערן.
12 און איך וועל זיי שטאַרקן מיט גאָט,
און אין זיין נאָמען וועלן זיי גיין,
זאָגט גאָט.

# יא

1 עפן, לְבָנוֹן, דיינע טירן,
און זאָל אַ פייער פאַרצערן דיינע צעדערן;
2 יאָמער, ציפּרעס, וואָרום דער צעדער איז געפאַלן,
ווייל די מאַכטיקע זיינען פאַרוויסט געוואָרן;
יאָמערט, אייכנביימער פון בָּשָׁן,
וואָרום דער פעסטער וואַלד איז גענידערט.
3 הערך! אַ יללה פון די פּאַסטוכער,
וואָרום פאַרוויסט געוואָרן איז זייער פּראַכט.
הערך! אַ געבריל פון יונגלייבן,
וואָרום פאַרוויסט געוואָרן איז דאָס געוועלד פון יַרדן.
4 אַזוי האָט געזאָגט יהוה מיין גאָט:
פּיטער די שאָף פון טייטונג,
5 וואָס זייערע קויפער טייטן זיי, און ווערן ניט שולדיק,
און זייערע פאַרקויפער זאָגן:
געלויבט איז גאָט, וואָרום איך ווער רייך;
און זייערע פּאַסטוכער דערבאַרימען זיך ניט אויף זיי.
6 וואָרום איך וועל זיך ניט מער דערבאַרימען
אויף די באַוווינער פון לאַנד, זאָגט גאָט,
און זע, איך ענטפער איבער דעם מענטשן,
איטלעכן אין דער האַנט פון זיין חבר,
און אין דער האַנט פון זיין מלך,
און זיי וועלן צעשטויסן דאָס לאַנד,
און איך וועל ניט מציל זיין פון זייער האַנט.
7 און איך האָב געפּיטערט די שאָף פון טייטונג, פאַר־וואָר, די אָרימסטע פון די שאָף, און איך האָב מיר גענומען צוויי שטעקנס, איינעם האָב איך גערופן „לייטזעליקייט"[א], און איינעם האָב איך גערופן „פאַרבינדונג"[ב], און איך האָב געפּיטערט די שאָף. 8 און איך האָב פאַרטיליקט די דריי פּאַסטוכער אין איין חודש. און מיין זעל איז געוואָרן אומ־געדולדיק מיט זיי, און אויך זייער זעל האָט זיך געעקלט מיט מיר. 9 און איך האָב געזאָגט:
איך וועל אייך ניט פּיטערן;
די וואָס שטאַרבט, זאָל שטאַרבן,
און די וואָס ווערט פאַרטיליקט, זאָל פאַרטיליקט ווערן,
און די איבעריקע זאָלן עסן איינע דער אַנדערנס פלייש.
10 און איך האָב גענומען מיין שטעקן „לייטזעליקייט", און האָב אים צעהאַקט, כּדי צו פאַרשטערן מיין בונד וואָס איך האָב געשלאָסן מיט אַלע פעלקער. 11 און ער איז פאַרשטערט געוואָרן אין יענעם טאָג, און די אָרימסטע פון די שאָף וואָס האָבן זיך געהאַלטן אָן מיר, האָבן געוווּסט זיכער אַז דאָס איז דאָס וואָרט פון גאָט. 12 און איך האָב צו זיי געזאָגט: אויב עס איז גוט אין אייערע אויגן, גיט מיר מיין לוין, און אויב ניט, פאַרמיידט אייך. האָבן זיי אָפּגעוווֹיגן מיין לוין דרייסיק זילבערשטיק. 13 האָט גאָט געזאָגט צו מיר: וואַרף אים אַריין אין דער שאַצקאַמער, דעם שיינעם ווערט וואָס איך בין ווערט ביי זיי. און איך האָב גענומען די דרייסיק זילבערשטיק, און האָב עס אַריינגעוואָרפן אין הויז פון גאָט, אין דער שאַצקאַמער. 14 און איך האָב צעהאַקט מיין צווייטן שטעקן, „פאַרבינדונג", כּדי צו פאַרשטערן די ברידערשאַפט צווישן יהודה און צווישן ישׂראל. 15 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט:
נעם דיר נאָך די כּלים פון אַ נאַרישן פּאַסטוך.
16 וואָרום זע, איך שטעל אויף אַ פּאַסטוך אין לאַנד,

א נֹעַם. ב חֹבְלִים.

יב גְּאוֹן אַשּׁוּר וְשֵׁבֶט מִצְרַיִם יָסוּר׃ וְגִבַּרְתִּים בַּיהוָה וּבִשְׁמוֹ
יִתְהַלָּכוּ נְאֻם יְהוָה׃

# יא

א ב פְּתַח לְבָנוֹן דְּלָתֶיךָ וְתֹאכַל אֵשׁ בַּאֲרָזֶיךָ׃ הֵילֵל בְּרוֹשׁ
כִּי־נָפַל אֶרֶז אֲשֶׁר אַדִּרִים שֻׁדָּדוּ הֵילִילוּ אַלּוֹנֵי בָשָׁן כִּי
ג יָרַד יַעַר הַבָּצוּר׃ קוֹל יִלְלַת הָרֹעִים כִּי שֻׁדְּדָה אַדַּרְתָּם
ד קוֹל שַׁאֲגַת כְּפִירִים כִּי שֻׁדַּד גְּאוֹן הַיַּרְדֵּן׃ כֹּה אָמַר
ה יְהוָה אֱלֹהָי רְעֵה אֶת־צֹאן הַהֲרֵגָה׃ אֲשֶׁר קֹנֵיהֶן יַהַרְגֻן
וְלֹא יֶאְשָׁמוּ וּמֹכְרֵיהֶן יֹאמַר בָּרוּךְ יְהוָה וַאעְשִׁר וְרֹעֵיהֶם
ו לֹא יַחְמוֹל עֲלֵיהֶן׃ כִּי לֹא אֶחְמוֹל עוֹד עַל־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ
נְאֻם־יְהוָה וְהִנֵּה אָנֹכִי מַמְצִיא אֶת־הָאָדָם אִישׁ בְּיַד־רֵעֵהוּ
ז וּבְיַד מַלְכּוֹ וְכִתְּתוּ אֶת־הָאָרֶץ וְלֹא אַצִּיל מִיָּדָם׃ וָאֶרְעֶה
אֶת־צֹאן הַהֲרֵגָה לָכֵן עֲנִיֵּי הַצֹּאן וָאֶקַּח־לִי שְׁנֵי מַקְלוֹת
לְאַחַד קָרָאתִי נֹעַם וּלְאַחַד קָרָאתִי חֹבְלִים וָאֶרְעֶה אֶת־
ח הַצֹּאן׃ וָאַכְחִד אֶת־שְׁלֹשֶׁת הָרֹעִים בְּיֶרַח אֶחָד וַתִּקְצַר
ט נַפְשִׁי בָּהֶם וְגַם־נַפְשָׁם בָּחֲלָה בִי׃ וָאֹמַר לֹא אֶרְעֶה
אֶתְכֶם הַמֵּתָה תָמוּת וְהַנִּכְחֶדֶת תִּכָּחֵד וְהַנִּשְׁאָרוֹת תֹּאכַלְנָה
י אִשָּׁה אֶת־בְּשַׂר רְעוּתָהּ׃ וָאֶקַּח אֶת־מַקְלִי אֶת־נֹעַם וָאֶגְדַּע
אֹתוֹ לְהָפֵיר אֶת־בְּרִיתִי אֲשֶׁר כָּרַתִּי אֶת־כָּל־הָעַמִּים׃
יא וַתֻּפַר בַּיּוֹם הַהוּא וַיֵּדְעוּ כֵן עֲנִיֵּי הַצֹּאן הַשֹּׁמְרִים אֹתִי כִּי
יב דְבַר־יְהוָה הוּא׃ וָאֹמַר אֲלֵיהֶם אִם־טוֹב בְּעֵינֵיכֶם הָבוּ
שְׂכָרִי וְאִם־לֹא ׀ חֲדָלוּ וַיִּשְׁקְלוּ אֶת־שְׂכָרִי שְׁלֹשִׁים כָּסֶף׃
יג וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי הַשְׁלִיכֵהוּ אֶל־הַיּוֹצֵר אֶדֶר הַיְקָר אֲשֶׁר
יָקַרְתִּי מֵעֲלֵיהֶם וָאֶקְחָה שְׁלֹשִׁים הַכֶּסֶף וָאַשְׁלִיךְ אֹתוֹ
יד בֵּית יְהוָה אֶל־הַיּוֹצֵר׃ וָאֶגְדַּע אֶת־מַקְלִי הַשֵּׁנִי אֵת
הַחֹבְלִים לְהָפֵר אֶת־הָאַחֲוָה בֵּין יְהוּדָה וּבֵין יִשְׂרָאֵל׃
טו טז וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָי עוֹד קַח־לְךָ כְּלִי רֹעֶה אֱוִלִי׃ כִּי הִנֵּה

י א, ב׳ הבציר קרי   ה׳ קמץ בז״ק   הא׳ סתה

אָנֹכִי מֵקִים רֹעֶה בָּאָרֶץ הַנִּכְחָדוֹת לֹא־יִפְקֹד הַנַּעַר לֹא־
יְבַקֵּשׁ וְהַנִּשְׁבֶּרֶת לֹא יְרַפֵּא הַנִּצָּבָה לֹא יְכַלְכֵּל וּבְשַׂר
יז הַבְּרִיאָה יֹאכַל וּפַרְסֵיהֶן יְפָרֵק׃ הוֹי רֹעִי הָאֱלִיל עֹזְבִי
הַצֹּאן חֶרֶב עַל־זְרוֹעוֹ וְעַל־עֵין יְמִינוֹ זְרֹעוֹ יָבוֹשׁ תִּיבָשׁ וְעֵין
יְמִינוֹ כָּהֹה תִכְהֶה׃

יב

א מַשָּׂא דְבַר־יְהוָה עַל־יִשְׂרָאֵל נְאֻם־יְהוָה נֹטֶה שָׁמַיִם וְיֹסֵד
ב אָרֶץ וְיֹצֵר רוּחַ־אָדָם בְּקִרְבּוֹ׃ הִנֵּה אָנֹכִי שָׂם אֶת־יְרוּשָׁלִַם
סַף־רַעַל לְכָל־הָעַמִּים סָבִיב וְגַם עַל־יְהוּדָה יִהְיֶה בַמָּצוֹר
ג עַל־יְרוּשָׁלִָם׃ וְהָיָה בַיּוֹם־הַהוּא אָשִׂים אֶת־יְרוּשָׁלִַם אֶבֶן
מַעֲמָסָה לְכָל־הָעַמִּים כָּל־עֹמְסֶיהָ שָׂרוֹט יִשָּׂרֵטוּ וְנֶאֶסְפוּ
ד עָלֶיהָ כֹּל גּוֹיֵי הָאָרֶץ׃ בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם־יְהוָה אַכֶּה כָל־
סוּס בַּתִּמָּהוֹן וְרֹכְבוֹ בַּשִּׁגָּעוֹן וְעַל־בֵּית יְהוּדָה אֶפְקַח אֶת־
ה עֵינַי וְכֹל סוּס הָעַמִּים אַכֶּה בַּעִוָּרוֹן׃ וְאָמְרוּ אַלֻּפֵי יְהוּדָה
בְּלִבָּם אַמְצָה לִי יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִַם בַּיהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵיהֶם׃
ו בַּיּוֹם הַהוּא אָשִׂים אֶת־אַלֻּפֵי יְהוּדָה כְּכִיּוֹר אֵשׁ בְּעֵצִים
וּכְלַפִּיד אֵשׁ בְּעָמִיר וְאָכְלוּ עַל־יָמִין וְעַל־שְׂמֹאול אֶת־
כָּל־הָעַמִּים סָבִיב וְיָשְׁבָה יְרוּשָׁלִַם עוֹד תַּחְתֶּיהָ בִּירוּשָׁלִָם׃
ז וְהוֹשִׁיעַ יְהוָה אֶת־אָהֳלֵי יְהוּדָה בָּרִאשֹׁנָה לְמַעַן לֹא־תִגְדַּל
תִּפְאֶרֶת בֵּית־דָּוִיד וְתִפְאֶרֶת יֹשֵׁב יְרוּשָׁלִָם עַל־יְהוּדָה׃
ח בַּיּוֹם הַהוּא יָגֵן יְהוָה בְּעַד יוֹשֵׁב יְרוּשָׁלִַם וְהָיָה הַנִּכְשָׁל
בָּהֶם בַּיּוֹם הַהוּא כְּדָוִיד וּבֵית דָּוִיד כֵּאלֹהִים כְּמַלְאַךְ
ט יְהוָה לִפְנֵיהֶם׃ וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא אֲבַקֵּשׁ לְהַשְׁמִיד אֶת־
י כָּל־הַגּוֹיִם הַבָּאִים עַל־יְרוּשָׁלִָם׃ וְשָׁפַכְתִּי עַל־בֵּית
דָּוִיד וְעַל ׀ יוֹשֵׁב יְרוּשָׁלִַם רוּחַ חֵן וְתַחֲנוּנִים וְהִבִּיטוּ אֵלַי
אֵת אֲשֶׁר־דָּקָרוּ וְסָפְדוּ עָלָיו כְּמִסְפֵּד עַל־הַיָּחִיד וְהָמֵר
יא עָלָיו כְּהָמֵר עַל־הַבְּכוֹר׃ בַּיּוֹם הַהוּא יִגְדַּל הַמִּסְפֵּד

יא, יז׳ קמץ בז״ק  יב, א׳ קמץ בז״ק  ו׳ יתיר ו

וואָס אום די פּאַרטיליקטע וועט ער זיך ניט קימערן;
די יונגע וועט ער ניט אויפזוכן,
און די צעבראָכענע וועט ער ניט היילן,
די געזונטע וועט ער ניט שפּייזן,
און דאָס פלייש פון דער פעטער וועט ער אויפעסן,
און זייערע קלויען וועט ער צעקנאַקן.

17 וויי צו דעם נישטיקן פּאַסטוך,
וואָס פאַרלאָזט די שאָף!
אַ שווערד אויף זיין אָרעם,
און אויף זיין רעכטן אויג!
זיין אָרעם זאָל דאַרן אַיינגעדאַרט ווערן,
און זיין רעכט אויג זאָל טונקל פאַרטונקלט ווערן!

## יב

1 די נבואה פון גאָטס וואָרט אויף ישׂראל:
אַזוי זאָגט גאָט, וואָס האָט אויסגעשפּרייט די הימלען,
און געגרונטפעסט די ערד,
און געפורעמט דעם גייסט פון מענטשן אין אים.
2 זע, איך מאַך ירושָׁלַיִם פאַר אַ בעכער פון פאַר־טומלעניש
פאַר אַלע אומות רונד אַרום;
און אויך יהודה וועט מוזן זיין
אין באַלעגערונג אויף ירושָׁלַיִם.
3 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועל איך מאַכן ירושָׁלַיִם אַ לאַסטשטיין פאַר אַלע אומות,
אַלע וואָס לאָדן זי אויף זיך
וועלן זיך ווונדן אָנרייסן;
און אַיינזאַמלען וועלן זיך אַקעגן איר
אַלע פעלקער פון דער ערד.
4 אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט,
וועל איך שלאָגן איטלעך פערד מיט צעדולטקייט,
און זיין רייטער מיט משוגעת;
און אויף דעם הויז פון יהודה
וועל איך האַלטן אָפן מיינע אויגן.

און איטלעך פערד פון די אומות
וועל איך שלאָגן מיט בלינדקייט.
5 און די פירשטן פון יהודה וועלן זאָגן אין זייער האַרצן:
אַ שטאַרקייט זיינען צו מיר די באַוווינער פון ירושָׁלַיִם,
דורך גאָט פון צבָאוֹת זייער האַר.
6 אין יענעם טאָג וועל איך מאַכן די פירשטן פון יהודה
ווי אַ פייערטאָפּ צווישן האָלץ,
און ווי אַ בראַנדהאָלץ צווישן גאַרבן,
און זיי וועלן פאַרצערן אויף רעכטס און אויף לינקס
אַלע אומות רונד אַרום;
און ירושָׁלַיִם וועט ווידער זיצן אויף איר אָרט–אין ירושָׁלַיִם.
7 און גאָט וועט העלפן די געצעלטן פון יהודה צום ערשטן,
כּדי די פּראַכט פון דעם הויז פון דוד,
און די פּראַכט פון די באַוווינער פון ירושָׁלַיִם,

זאָל זיך ניט גרייסן איבער יהודה.
8 אין יענעם טאָג וועט גאָט באַשירעמען די באַוווינער פון ירושָׁלַיִם,
און דער געפאַלענער צווישן זיי וועט אין יענעם טאָג זיין ווי דוד,
און דאָס הויז פון דוד ווי אַ גאָט,
און ווי אַ מלאך פון יהודה פאַר זיי.
9 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועל איך זוכן צו פאַרטיליקן אַלע פעלקער
וואָס קומען אויף ירושָׁלַיִם.
10 און איך וועל אויסגיסן אויף דעם הויז פון דוד,
און אויף די באַוווינער פון ירושָׁלַיִם,
אַ גייסט פון לייטזעליקייט און געבעט,
און זיי וועלן קוקן צו מיר
וועגן איטלעכן וואָס זיי האָבן דערשטאָכן,
און וועלן קלאָגן אויף אים
ווי מע קלאָגט אויף אַן אייניציקן,
און זיך ביטערן נאָך אים ווי מע ביטערט זיך נאָך אַ בְּכוֹר.
11 אין יענעם טאָג וועט גרויס זיין די קלאָג אין ירושָׁלַיִם,

אַזוי ווי די קלאָג פון הַדַדְרִמוֹן אין טאָל מגִדוֹן.
12 און דאָס לאַנד וועט קלאָגן משפחות משפחות
באַזונדער;
די משפחות פון דעם הויז פון דוד באַזונדער,
און זייערע ווייבער באַזונדער;
די משפחה פון דעם הויז פון נָתָן באַזונדער,
און זייערע ווייבער באַזונדער;
13 די משפחה פון דעם הויז פון לֵוִי באַזונדער,
און זייערע ווייבער באַזונדער;
די משפחה פון די שִמעִים באַזונדער,
און זייערע ווייבער באַזונדער;
14 אַלע משפחות וואָס זיינען געבליבן,
משפחות משפחות באַזונדער,
און זייערע ווייבער באַזונדער.

# יג

1 אין יענעם טאָג וועט זיך עפענען אַ קוואַל
פאַר דעם הויז פון דוד, און פאַר די באַוווינער פון
ירושָלַיִם,
פאַר רייניקן און פאַר שפּרענגען.
2 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
זאָגט גאָט פון צבָאות,
וועל איך פאַרשניידן די נעמען פון די געצנבילדער,
פון לאַנד,
און זיי וועלן מער ניט געדאַכט ווערן;
און אויך די נביאים און דעם גייסט פון אומריינקייט
וועל איך אָפּשאַפן פון לאַנד.

3 און עס וועט זיין, אַז עמיצער וועט נאָך אַלץ נביאות
זאָגן, וועלן זאָגן צו אים זיין פאָטער און זיין מוטער וואָס
האָבן אים געבאָרן: טאָרסט ניט בלייבן לעבן, וואָרום ליגן
האָסטו גערזאָגט אין נאָמען פון גאָט; און זיין פאָטער און
זיין מוטער וואָס האָבן אים געבאָרן, וועלן אים שטעכן, אַז ער וועט נביאות זאָגן. 4 און עס וועט זיין אין יענעם
טאָג, וועלן זיך די נביאים שעמען איטלעכער מיט זיין זעאונג, ווען ער וועט נביאות זאָגן; און זיי וועלן ניט אָנטאָן
אַ האָריקן מאַנטל כּדי צו נאַרן. 5 און ער וועט זאָגן: ניט קיין נביא בין איך, אַ מאַן אַן ערדאַרבעטער בין איך, וואָרום
פאַר אַן ערדמענטשן האָט מען מיך געמאַכט פון מיין יוגנט אָן. 6 און אַז מע וועט זאָגן צו אים: וואָס זיינען די דאָזיקע וווּנדן
צווישן דיינע הענט? וועט ער זאָגן: דאָס האָב איך געקריגן געשלאָגן אין הויז פון מיינע גוטע פריינט.

7 דערוועק זיך, שווערד, אויף מיין פאַסטוך,
און אויף דעם מאַן וואָס איך האָב מיר צוגעחברט!
זאָגט גאָט פון צבָאות;
שלאָג דעם פאַסטוך, און די שאָף זאָלן צעשפּרייט
ווערן;
און איך וועל קערן מיין האַנט אויף די יונגען.
8 און עס וועט געשען אין גאַנצן לאַנד, זאָגט גאָט;
צוויי טיילן דערין וועלן פאַרשניטן ווערן און
פאַרגיין,
און אַ דריט־חלק וועט בלייבן דערין.
9 און איך וועל ברענגען דעם דריט־חלק אין פייער,
און וועל זיי לייטערן ווי מע לייטערט זילבער,
און וועל זיי פּרוּוון ווי מע פּרוּווט גאָלד;
ער וועט רופן מיין נאָמען, און איך וועל אים ענטפערן;
איך זאָג: ער איז מיין פאָלק,
און ער וועט זאָגן: יהוה איז מיין גאָט.

# יד

1 זע, אַ טאָג קומט ביי גאָט,
און דיין רויב וועט צעטיילט ווערן אין דיר.
2 און איך וועל אייַנזאַמלען אַלע פעלקער

יב בִּירוּשָׁלִָם כְּמִסְפַּד הֲדַדְרִמּוֹן בְּבִקְעַת מְגִדּוֹן׃ וְסָפְדָה
הָאָרֶץ מִשְׁפָּחוֹת מִשְׁפָּחוֹת לְבָד מִשְׁפַּחַת בֵּית־דָּוִיד
לְבָד וּנְשֵׁיהֶם לְבָד מִשְׁפַּחַת בֵּית־נָתָן לְבָד וּנְשֵׁיהֶם לְבָד׃
יג מִשְׁפַּחַת בֵּית־לֵוִי לְבָד וּנְשֵׁיהֶם לְבָד מִשְׁפַּחַת הַשִּׁמְעִי
יד לְבָד וּנְשֵׁיהֶם לְבָד׃ כֹּל הַמִּשְׁפָּחוֹת הַנִּשְׁאָרוֹת מִשְׁפָּחֹת
מִשְׁפָּחֹת לְבָד וּנְשֵׁיהֶם לְבָד׃

יג

א בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה מָקוֹר נִפְתָּח לְבֵית דָּוִיד וּלְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִָם
ב לְחַטַּאת וּלְנִדָּה׃ וְהָיָה בַיּוֹם הַהוּא נְאֻם ׀ יְהוָה צְבָאוֹת
אַכְרִית אֶת־שְׁמוֹת הָעֲצַבִּים מִן־הָאָרֶץ וְלֹא יִזָּכְרוּ עוֹד
וְגַם אֶת־הַנְּבִיאִים וְאֶת־רוּחַ הַטֻּמְאָה אַעֲבִיר מִן־הָאָרֶץ׃
ג וְהָיָה כִּי־יִנָּבֵא אִישׁ עוֹד וְאָמְרוּ אֵלָיו אָבִיו וְאִמּוֹ יֹלְדָיו
לֹא תִחְיֶה כִּי שֶׁקֶר דִּבַּרְתָּ בְּשֵׁם יְהוָה וּדְקָרֻהוּ אָבִיהוּ
ד וְאִמּוֹ יֹלְדָיו בְּהִנָּבְאוֹ׃ וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא יֵבֹשׁוּ הַנְּבִיאִים
אִישׁ מֵחֶזְיֹנוֹ בְּהִנָּבְאֹתוֹ וְלֹא יִלְבְּשׁוּ אַדֶּרֶת שֵׂעָר לְמַעַן
ה כַּחֵשׁ׃ וְאָמַר לֹא נָבִיא אָנֹכִי אִישׁ עֹבֵד אֲדָמָה אָנֹכִי
ו כִּי־אָדָם הִקְנַנִי מִנְּעוּרָי׃ וְאָמַר אֵלָיו מָה הַמַּכּוֹת הָאֵלֶּה
ז בֵּין יָדֶיךָ וְאָמַר אֲשֶׁר הֻכֵּיתִי בֵּית מְאַהֲבָי׃ חֶרֶב
עוּרִי עַל־רֹעִי וְעַל־גֶּבֶר עֲמִיתִי נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת הַךְ
אֶת־הָרֹעֶה וּתְפוּצֶיןָ הַצֹּאן וַהֲשִׁבֹתִי יָדִי עַל־הַצֹּעֲרִים׃
ח וְהָיָה בְכָל־הָאָרֶץ נְאֻם־יְהוָה פִּי־שְׁנַיִם בָּהּ יִכָּרְתוּ יִגְוָעוּ
ט וְהַשְּׁלִשִׁית יִוָּתֶר בָּהּ׃ וְהֵבֵאתִי אֶת־הַשְּׁלִשִׁית בָּאֵשׁ
וּצְרַפְתִּים כִּצְרֹף אֶת־הַכֶּסֶף וּבְחַנְתִּים כִּבְחֹן אֶת־הַזָּהָב
הוּא ׀ יִקְרָא בִשְׁמִי וַאֲנִי אֶעֱנֶה אֹתוֹ אָמַרְתִּי עַמִּי הוּא וְהוּא
יֹאמַר יְהוָה אֱלֹהָי׃

יד

א ב הִנֵּה יוֹם בָּא לַיהוָה וְחֻלַּק שְׁלָלֵךְ בְּקִרְבֵּךְ׃ וְאָסַפְתִּי

יד, א׳ הפטרת יום א׳ של סכות

אֶת־כָּל־הַגּוֹיִם ׀ אֶל־יְרוּשָׁלַםִ לַמִּלְחָמָה וְנִלְכְּדָה הָעִיר
וְנָשַׁסּוּ הַבָּתִּים וְהַנָּשִׁים תִּשָּׁגַלְנָה וְיָצָא חֲצִי הָעִיר בַּגּוֹלָה
וְיֶתֶר הָעָם לֹא יִכָּרֵת מִן־הָעִיר׃ וְיָצָא יְהוָה וְנִלְחַם בַּגּוֹיִם ג
הָהֵם כְּיוֹם הִלָּחֲמוֹ בְּיוֹם קְרָב׃ וְעָמְדוּ רַגְלָיו בַּיּוֹם־הַהוּא ד
עַל־הַר הַזֵּתִים אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי יְרוּשָׁלַםִ מִקֶּדֶם וְנִבְקַע הַר
הַזֵּיתִים מֵחֶצְיוֹ מִזְרָחָה וָיָמָּה גֵּיא גְּדוֹלָה מְאֹד וּמָשׁ חֲצִי
הָהָר צָפוֹנָה וְחֶצְיוֹ נֶגְבָּה׃ וְנַסְתֶּם גֵּיא־הָרַי כִּי־יַגִּיעַ גֵּי־ ה
הָרִים אֶל־אָצַל וְנַסְתֶּם כַּאֲשֶׁר נַסְתֶּם מִפְּנֵי הָרַעַשׁ בִּימֵי
עֻזִּיָּה מֶלֶךְ־יְהוּדָה וּבָא יְהוָה אֱלֹהַי כָּל־קְדֹשִׁים עִמָּךְ׃
וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא לֹא־יִהְיֶה אוֹר יְקָרוֹת יְקִפָּאוֹן׃ ו
וְהָיָה יוֹם־אֶחָד הוּא יִוָּדַע לַיהוָה לֹא־יוֹם וְלֹא־לָיְלָה וְהָיָה ז
לְעֵת־עֶרֶב יִהְיֶה־אוֹר׃ וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא יֵצְאוּ מַיִם־ ח
חַיִּים מִירוּשָׁלַםִ חֶצְיָם אֶל־הַיָּם הַקַּדְמוֹנִי וְחֶצְיָם אֶל־הַיָּם
הָאַחֲרוֹן בַּקַּיִץ וּבָחֹרֶף יִהְיֶה׃ וְהָיָה יְהוָה לְמֶלֶךְ עַל־ ט
כָּל־הָאָרֶץ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה יְהוָה אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד׃
יִסּוֹב כָּל־הָאָרֶץ כָּעֲרָבָה מִגֶּבַע לְרִמּוֹן נֶגֶב יְרוּשָׁלָםִ י
וְרָאֲמָה וְיָשְׁבָה תַחְתֶּיהָ לְמִשַּׁעַר בִּנְיָמִן עַד־מְקוֹם שַׁעַר
הָרִאשׁוֹן עַד־שַׁעַר הַפִּנִּים וּמִגְדַּל חֲנַנְאֵל עַד יִקְבֵי הַמֶּלֶךְ׃
וְיָשְׁבוּ בָהּ וְחֵרֶם לֹא יִהְיֶה־עוֹד וְיָשְׁבָה יְרוּשָׁלַםִ לָבֶטַח׃ יא
וְזֹאת ׀ תִּהְיֶה הַמַּגֵּפָה אֲשֶׁר יִגֹּף יְהוָה אֶת־כָּל־ יב
הָעַמִּים אֲשֶׁר צָבְאוּ עַל־יְרוּשָׁלָםִ הָמֵק ׀ בְּשָׂרוֹ וְהוּא עֹמֵד
עַל־רַגְלָיו וְעֵינָיו תִּמַּקְנָה בְחֹרֵיהֶן וּלְשׁוֹנוֹ תִּמַּק בְּפִיהֶם׃
וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא תִּהְיֶה מְהוּמַת־יְהוָה רַבָּה בָּהֶם וְהֶחֱזִיקוּ יג
אִישׁ יַד רֵעֵהוּ וְעָלְתָה יָדוֹ עַל־יַד רֵעֵהוּ׃ וְגַם־יְהוּדָה יד
תִּלָּחֵם בִּירוּשָׁלָםִ וְאֻסַּף חֵיל כָּל־הַגּוֹיִם סָבִיב זָהָב וָכֶסֶף
וּבְגָדִים לָרֹב מְאֹד׃ וְכֵן תִּהְיֶה מַגֵּפַת הַסּוּס הַפֶּרֶד טו
הַגָּמָל וְהַחֲמוֹר וְכָל־הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּמַּחֲנוֹת הָהֵמָּה

ב׳ תִּשָּׁכַבְנָה קרי ה׳ למדנחאי וְנִסְתַּם....נִסְתַּם ו׳ וְקִפָּאוֹן קרי י׳ כ״א פְּ׳
יג׳ למדנחאי אֶל־

קיין ירושָׁלַיִם אויף מלחמה;
און די שטאָט וועט באַצוווּנגען ווערן,
און די הייזער וועלן צערויבט ווערן,
און די ווייבער וועלן געשענדט ווערן;
און אַ האַלבע שטאָט וועט אין גלות אַוועק,
אָבער דער רעשט פון דעם פאָלק
וועט ניט פאַרשניטן ווערן פון שטאָט.
3 און גאָט וועט אַרויסגיין,
און וועט מלחמה האַלטן מיט יענע פעלקער,
ווי בעת זיין מלחמה האַלטן אין טאָג פון שטרייט.
4 און זיינע פיס וועלן שטיין אין יענעם טאָג אויפן הַר־הַזֵיתים[א],
וואָס פאַר ירושָׁלַיִם פון מזרח,
און דער הַר־הַזֵיתים וועט זיך שפּאַלטן איבער העלפט,
צו מזרח און צו מערב,
אויף זייער אַ גרויסן טאָל;
און אַ העלפט באַרג וועט זיך אַוועקרוקן קיין צפון,
און אַ העלפט פון אים קיין דָרום.
5 און איר וועט אַנטלויפן צום טאָל פון די בערג,
וואָרום דער טאָל פון די בערג וועט גרייכן ביז אָצַל;
און איר וועט לויפן ווי איר זייט געלאָפן פון דער ערדציטערניש
אין די טעג פון עוזִיָה דעם מלך פון יהודה;
און יהוה מיין גאָט וועט קומען,
און אַלע הייליקע מיט דיר.
6 און עס וועט זיין: אין יענעם טאָג
וועט ניט זיין קיין ליכטיקייט,
נייערט אַ שווערקייט און פאַרגליווערטקייט.
7 און עס וועט זיין איין [לאַנגער] טאָג,
וואָס וועט זיין באַוווּסט ווי גאָטס [טאָג],
ניט טאָג און ניט נאַכט;
אָבער עס וועט זיין, צו אָוונטצייט וועט ווערן ליכטיק.
8 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועלן אַרויסגיין לעבעדיקע וואַסערן פון ירושָׁלַיִם,
העלפט פון זיי צום פעדערשטן ים,
און העלפט פון זיי צום הינטערשטן ים;
אום זומער און אום ווינטער וועט עס זיין.
9 און יהוה וועט זיין צום מלך איבער דער גאַנצער ערד;
אין יענעם טאָג וועט יהוה זיין איינער, און זיין נאָמען איינער.
10 דאָס גאַנצע לאַנד וועט פאַרקערט ווערן ווי דער פּלוין,
פון גֶבַע ביז רִמון, אין דָרום פון ירושָׁלַיִם;
און זי וועט זיצן דערהויבן אויף איר אָרט,
פון דעם טויער פון בנימין ביז דעם אָרט פון ערשטן טויער,
ביז דעם ווינקלטויער,
און פון דעם טורעם פון חֲנַנאֵל ביז דעם מלכס קעלטערן.
11 און זיי וועלן זיצן דערין,
און קיין פאַרוויסטונג וועט מער ניט זיין,
און ירושָׁלַיִם וועט זיצן אין זיכערקייט.
12 און דאָס וועט זיין די פּלאָג וואָס גאָט וועט פּלאָגן
אַלע אומות וואָס זיינען אַרויס אין קריג אויף ירושָׁלַיִם:
זייער פלייש וועט צעקריכן ווי זיי שטייען אויף זייערע פיס,
און זייערע אויגן וועלן צעקריכן אין זייערע לעכער,
און זייער צונג וועט צעקריכן אין זייער מויל.
13 און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועט ווערן אויף זיי אַ גרויסע מהומה פון גאָט,
און זיי וועלן אָנכאַפּן איינער דעם אַנדערנס האַנט,
און איינעמס האַנט וועט זיך אויפהייבן קעגן אַנדערנס האַנט.
14 און אויך יהודה וועט מלחמה האַלטן אויף ירושָׁלַיִם;
און איינגעזאַמלט וועט ווערן
דער פאַרמעג פון אַלע פעלקער רונד אַרום,
גאָלד און זילבער און קליידער זייער פיל.
15 און אַזוי אויך וועט זיין די פּלאָג פונעם פערד,
פונעם מוילאייזל, פונעם קעמל, און פונעם אייזל,
און פון איטלעכער בהמה וואָס וועט זיין אין יענע מחנות–

א דער באַרג פון איילבערטביימער.

אַזוי ווי דידאָזיקע פּלאָג.
16 און עס וועט זיין, איטלעכער וואָס איז געבליבן
פון אַלע פעלקער וואָס זיינען געקומען אויף
ירושָלַיִם,
וועט אַרויפגיין יאָר פאַר יאָר
זיך צו בוקן צו דעם קיניג, גאָט פון צבָאוֹת,
און צו האַלטן דעם יוֹם־טוב פון סוּכּוֹת.
17 און עס וועט זיין, ווער פון די משפּחוֹת פון דער ערד
עס וועט ניט אַרויפגיין קיין ירושָלַיִם
זיך צו בוקן צו דעם קיניג, גאָט פון צבָאוֹת,
וועט אויף זיי ניט זיין קיין רעגן;
18 און אויב די משפּחה פון מִצרַיִם וועט ניט אַרויפגיין,
און קומט ניט,
וועט אויף זיי ניט [אַרויפגיין דער נילוס];
דאָס וועט זיין די פּלאָג וואָס גאָט וועט פּלאָגן
די פעלקער וואָס וועלן ניט אַרויפגיין
צו האַלטן דעם יוֹם־טוב פון סוּכּוֹת.
19 דאָס וועט זיין די שטראָף פון מִצרַיִם,
און די שטראָף פון אַלע פעלקער וואָס וועלן ניט אַרויפגיין
צו האַלטן דעם יוֹם־טוב פון סוּכּוֹת.

20 אין יענעם טאָג
וועט אויף די גלעקלעך פון די פערד שטיין „הייליק צו גאָט";
און די טעפּ אין גאָטס הויז וועלן זיין
אַזוי ווי די שפּרענגבעקנס וואָס פאַרן מזבח.
21 און יעטוועדער טאָפּ אין ירושָלַיִם און אין יהודה
וועט זיין הייליק צו גאָט פון צבָאוֹת,
און אַלע וואָס ברענגען אַ שלאַכטאָפּפער
וועלן קומען און נעמען פון זיי, און קאָכן אין זיי;
און עס וועט מער ניט זיין קיין הענדלער
אין הויז פון גאָט פון צבָאוֹת אין יענעם טאָג.

טז כַּמַּגֵּפָה הַזֹּאת׃ וְהָיָה כָּל־הַנּוֹתָר מִכָּל־הַגּוֹיִם
הַבָּאִים עַל־יְרוּשָׁלִָם וְעָלוּ מִדֵּי שָׁנָה בְשָׁנָה לְהִשְׁתַּחֲוֹת
יז לְמֶלֶךְ יְהוָה צְבָאוֹת וְלָחֹג אֶת־חַג הַסֻּכּוֹת׃ וְהָיָה אֲשֶׁר
לֹא־יַעֲלֶה מֵאֵת מִשְׁפְּחוֹת הָאָרֶץ אֶל־יְרוּשָׁלִַם לְהִשְׁתַּחֲוֹת
יח לְמֶלֶךְ יְהוָה צְבָאוֹת וְלֹא עֲלֵיהֶם יִהְיֶה הַגָּשֶׁם׃ וְאִם־
מִשְׁפַּחַת מִצְרַיִם לֹא־תַעֲלֶה וְלֹא בָאָה וְלֹא עֲלֵיהֶם תִּהְיֶה
הַמַּגֵּפָה אֲשֶׁר יִגֹּף יְהוָה אֶת־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר לֹא יַעֲלוּ לָחֹג
יט אֶת־חַג הַסֻּכּוֹת׃ זֹאת תִּהְיֶה חַטַּאת מִצְרָיִם וְחַטַּאת כָּל־
כ הַגּוֹיִם אֲשֶׁר לֹא יַעֲלוּ לָחֹג אֶת־חַג הַסֻּכּוֹת׃ בַּיּוֹם הַהוּא
יִהְיֶה עַל־מְצִלּוֹת הַסּוּס קֹדֶשׁ לַיהוָה וְהָיָה הַסִּירוֹת
כא בְּבֵית יְהוָה כַּמִּזְרָקִים לִפְנֵי הַמִּזְבֵּחַ׃ וְהָיָה כָּל־סִיר
בִּירוּשָׁלִַם וּבִיהוּדָה קֹדֶשׁ לַיהוָה צְבָאוֹת וּבָאוּ כָּל־
הַזֹּבְחִים וְלָקְחוּ מֵהֶם וּבִשְּׁלוּ בָהֶם וְלֹא־יִהְיֶה כְנַעֲנִי עוֹד
בְּבֵית־יְהוָה צְבָאוֹת בַּיּוֹם הַהוּא׃

יח׳ ס״א את־כל· כא׳ עד כאן

# מַלְאָכִי

·מַשָּׂא דְבַר־יְהוָה אֶל־יִשְׂרָאֵל בְּיַד מַלְאָכִי׃ אָהַבְתִּי אֶתְכֶם א ב
אָמַר יְהוָה וַאֲמַרְתֶּם בַּמָּה אֲהַבְתָּנוּ הֲלוֹא־אָח עֵשָׂו
לְיַעֲקֹב נְאֻם־יְהוָה וָאֹהַב אֶת־יַעֲקֹב׃ וְאֶת־עֵשָׂו שָׂנֵאתִי ג
וָאָשִׂים אֶת־הָרָיו שְׁמָמָה וְאֶת־נַחֲלָתוֹ לְתַנּוֹת מִדְבָּר׃ כִּי־ ד
תֹאמַר אֱדוֹם רֻשַּׁשְׁנוּ וְנָשׁוּב וְנִבְנֶה חֳרָבוֹת כֹּה אָמַר יְהוָה
צְבָאוֹת הֵמָּה יִבְנוּ וַאֲנִי אֶהֱרוֹס וְקָרְאוּ לָהֶם גְּבוּל רִשְׁעָה
וְהָעָם אֲשֶׁר־זָעַם יְהוָה עַד־עוֹלָם׃ וְעֵינֵיכֶם תִּרְאֶינָה וְאַתֶּם ה
תֹּאמְרוּ יִגְדַּל יְהוָה מֵעַל לִגְבוּל יִשְׂרָאֵל׃ בֵּן יְכַבֵּד אָב ו
וְעֶבֶד אֲדֹנָיו וְאִם־אָב אָנִי אַיֵּה כְבוֹדִי וְאִם־אֲדוֹנִים אָנִי
אַיֵּה מוֹרָאִי אָמַר ׀ יְהוָה צְבָאוֹת לָכֶם הַכֹּהֲנִים בּוֹזֵי שְׁמִי
וַאֲמַרְתֶּם בַּמֶּה בָזִינוּ אֶת־שְׁמֶךָ׃ מַגִּישִׁים עַל־מִזְבְּחִי לֶחֶם ז
מְגֹאָל וַאֲמַרְתֶּם בַּמֶּה גֵאַלְנוּךָ בֶּאֱמָרְכֶם שֻׁלְחַן יְהוָה
נִבְזֶה הוּא׃ וְכִי־תַגִּשׁוּן עִוֵּר לִזְבֹּחַ אֵין רָע וְכִי תַגִּישׁוּ ח
פִּסֵּחַ וְחֹלֶה אֵין רָע הַקְרִיבֵהוּ נָא לְפֶחָתֶךָ הֲיִרְצְךָ אוֹ
הֲיִשָּׂא פָנֶיךָ אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת׃ וְעַתָּה חַלּוּ־נָא פְנֵי־אֵל ט
וִיחָנֵנוּ מִיֶּדְכֶם הָיְתָה זֹּאת הֲיִשָּׂא מִכֶּם פָּנִים אָמַר יְהוָה
צְבָאוֹת׃ מִי גַם־בָּכֶם וְיִסְגֹּר דְּלָתַיִם וְלֹא־תָאִירוּ מִזְבְּחִי י
חִנָּם אֵין־לִי חֵפֶץ בָּכֶם אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת וּמִנְחָה לֹא־
אֶרְצֶה מִיֶּדְכֶם׃ כִּי מִמִּזְרַח־שֶׁמֶשׁ וְעַד־מְבוֹאוֹ גָּדוֹל יא
שְׁמִי בַּגּוֹיִם וּבְכָל־מָקוֹם מֻקְטָר מֻגָּשׁ לִשְׁמִי וּמִנְחָה

א׳ הפטרת תולדות יצחק

א 1 די נבואה פון גאָטס וואָרט צו ישראל דורך מַלאָכין:
2 איך האָב אײַך ליב געהאַט, זאָגט גאָט.
און איר זאָגט: מיט וואָס האָסטו אונדז ליב געהאַט?
איז ניט עֵשָׂו יעקבס אַ ברודער? זאָגט גאָט,
פון דעסטוועגן האָב איך יעקבן ליב געהאַט,
3 און עֵשָׂון האָב איך פײַנט געהאַט,
און געמאַכט זײַנע בערג אַ וויסטעניש,
און זײַן נחלה פאַר מדבר־שאַקאַלן.
4 אויב אֱדוֹם זאָגט:
„מיר זײַנען צעשעטערט געוואָרן,
אָבער מיר וועלן ווידער אָפּבויען די חורבות",
האָט גאָט פון צבאָות אַזוי געזאָגט:
זיי וועלן בויען, און איך וועל צעשטערן,
און מע וועט זיי רופן דער געמאַרק פון שלעכטיקייט,
און דאָס פאָלק וואָס גאָט האָט פאַרשאָלטן אויף
אייביק.
5 און אײַערע אויגן וועלן זען,
און איר וועט זאָגן:
גאָט איז גרויס אַריבער דעם געמאַרק פון ישראל.

6 אַ זון גיט כּבוד אַ פאָטער,
און אַ קנעכט זײַן האַר;
איז אויב איך בין אַ פאָטער,
אַוווּ איז מײַן כּבוד?
און אויב איך בין אַ האַר,
אַוווּ איז די מורא פאַר מיר?
זאָגט גאָט פון צבאָות
צו אײַך, כּהנים, וואָס זײַט מבזה מײַן נאָמען.
און איר זאָגט: מיט וואָס זײַנען מיר מבזה דײַן
נאָמען?
7 איר ברענגט אויף מײַן מזבח אומווערדיקע שפּײַז.
און איר זאָגט: מיט וואָס האָבן מיר דיך
פאַראומווערדיקט?
מיט אײַער זאָגן: דער טיש פון גאָט איז נִמאָס.
8 און אַז איר ברענגט אַ בלינדס צו שלאַכטן,
איז קיין בייז ניט!
און אַז איר ברענגט אַ הינקעדיקס און אַ קראַנקס,
איז קיין בייז ניט!
גענען עס אַקאָרשט צו דײַן פירשט,
צי ער וועט דיך באַווילִיקן,
אָדער וועט דיך אויפנעמען?
זאָגט גאָט פון צבאָות.
9 און אַצונד בעט אַקאָרשט בײַ גאָט,
ער זאָל אונדז לײַטזעליקן!
דורך אײַער האַנט איז דאָס געשען;
קען ער אויפנעמען דעם פּנים פון עמיצן פון אײַך?
זאָגט גאָט פון צבאָות.
10 וואָלט גאָר ווער פון אײַך צושליסן די טירן,
און איר זאָלט ניט אָנצינדן פײַער אויף מײַן מזבח
אומזיסט!
איך וויל אײַך ניט האָבן,
זאָגט גאָט פון צבאָות,
און וועל ניט באַווילִיקן קיין קרבן פון אײַער האַנט.
11 וואָרום פון אויפגאַנג פון דער זון און ביז איר אונטערגאַנג
איז מײַן נאָמען גרויס צווישן די פעלקער,
און אין איטלעכן אָרט ווערט ווײַרויך געבראַכט צו מײַן
נאָמען

יב טְהוֹרָ֑ה כִּֽי־גָד֤וֹל שְׁמִי֙ בַּגּוֹיִ֔ם אָמַ֖ר יְהוָ֥ה צְבָאֽוֹת׃ וְאַתֶּ֖ם
מְחַלְּלִ֣ים אוֹת֑וֹ בֶּאֱמָרְכֶ֗ם שֻׁלְחַ֤ן אֲדֹנָי֙ מְגֹאָ֣ל ה֔וּא וְנִיב֖וֹ
יג נִבְזֶ֥ה אָכְלֽוֹ׃ וַאֲמַרְתֶּם֩ הִנֵּ֨ה מַתְּלָאָ֜ה וְהִפַּחְתֶּ֣ם אוֹת֗וֹ
אָמַר֮ יְהוָ֣ה צְבָאוֹת֒ וַהֲבֵאתֶ֣ם גָּז֗וּל וְאֶת־הַפִּסֵּ֙חַ֙ וְאֶת־
הַ֣חוֹלֶ֔ה וַהֲבֵאתֶ֖ם אֶת־הַמִּנְחָ֑ה הַאֶרְצֶ֥ה אוֹתָ֛הּ מִיֶּדְכֶ֖ם
יד אָמַ֥ר יְהוָֽה׃ וְאָר֣וּר נוֹכֵ֗ל וְיֵ֤שׁ בְּעֶדְרוֹ֙ זָכָ֔ר וְנֹדֵ֛ר וְזֹבֵ֥חַ
מָשְׁחָ֖ת לַֽאדֹנָ֑י כִּי֩ מֶ֨לֶךְ גָּד֜וֹל אָ֗נִי אָמַר֙ יְהוָ֣ה צְבָא֔וֹת
וּשְׁמִ֖י נוֹרָ֥א בַגּוֹיִֽם׃

ב

א ב וְעַתָּ֗ה אֲלֵיכֶ֛ם הַמִּצְוָ֥ה הַזֹּ֖את הַכֹּהֲנִֽים׃ אִם־לֹ֣א תִשְׁמְע֡וּ
וְאִם־לֹא֩ תָשִׂ֨ימוּ עַל־לֵ֜ב לָתֵ֧ת כָּב֣וֹד לִשְׁמִ֗י אָמַר֙ יְהוָ֣ה
צְבָא֔וֹת וְשִׁלַּחְתִּ֤י בָכֶם֙ אֶת־הַמְּאֵרָ֔ה וְאָרוֹתִ֖י אֶת־בִּרְכֽוֹתֵיכֶ֑ם
ג וְגַם֙ אָר֔וֹתִיהָ כִּ֥י אֵינְכֶ֖ם שָׂמִ֥ים עַל־לֵֽב׃ הִנְנִ֨י גֹעֵ֤ר לָכֶם֙
אֶת־הַזֶּ֔רַע וְזֵרִ֤יתִי פֶ֙רֶשׁ֙ עַל־פְּנֵיכֶ֔ם פֶּ֖רֶשׁ חַגֵּיכֶ֑ם וְנָשָׂ֥א
ד אֶתְכֶ֖ם אֵלָֽיו׃ וִֽידַעְתֶּ֕ם כִּ֚י שִׁלַּ֣חְתִּי אֲלֵיכֶ֔ם אֵ֖ת הַמִּצְוָ֣ה
ה הַזֹּ֑את לִהְי֤וֹת בְּרִיתִי֙ אֶת־לֵוִ֔י אָמַ֖ר יְהוָ֥ה צְבָאֽוֹת׃ בְּרִיתִ֣י ׀
הָיְתָ֣ה אִתּ֗וֹ הַֽחַיִּים֙ וְהַשָּׁל֔וֹם וָאֶתְּנֵֽם־ל֥וֹ מוֹרָ֖א וַיִּֽירָאֵ֑נִי
ו וּמִפְּנֵ֥י שְׁמִ֖י נִחַ֥ת הֽוּא׃ תּוֹרַ֤ת אֱמֶת֙ הָיְתָ֣ה בְּפִ֔יהוּ וְעַוְלָ֖ה
לֹא־נִמְצָ֣א בִשְׂפָתָ֑יו בְּשָׁל֤וֹם וּבְמִישׁוֹר֙ הָלַ֣ךְ אִתִּ֔י וְרַבִּ֖ים
ז הֵשִׁ֥יב מֵעָוֺֽן׃ כִּֽי־שִׂפְתֵ֤י כֹהֵן֙ יִשְׁמְרוּ־דַ֔עַת וְתוֹרָ֖ה יְבַקְשׁ֣וּ
ח מִפִּ֑יהוּ כִּ֛י מַלְאַ֥ךְ יְהוָֽה־צְבָא֖וֹת הֽוּא׃ וְאַתֶּם֙ סַרְתֶּ֣ם מִן־
הַדֶּ֔רֶךְ הִכְשַׁלְתֶּ֥ם רַבִּ֖ים בַּתּוֹרָ֑ה שִֽׁחַתֶּם֙ בְּרִ֣ית הַלֵּוִ֔י אָמַ֖ר
ט יְהוָ֥ה צְבָאֽוֹת׃ וְגַם־אֲנִ֞י נָתַ֧תִּי אֶתְכֶ֛ם נִבְזִ֥ים וּשְׁפָלִ֖ים לְכָל־
הָעָ֑ם כְּפִ֗י אֲשֶׁ֤ר אֵֽינְכֶם֙ שֹׁמְרִ֣ים אֶת־דְּרָכַ֔י וְנֹשְׂאִ֥ים פָּנִ֖ים
י בַּתּוֹרָֽה׃ הֲל֨וֹא אָ֤ב אֶחָד֙ לְכֻלָּ֔נוּ הֲל֛וֹא אֵ֥ל אֶחָ֖ד בְּרָאָ֑נוּ
יא מַדּ֗וּעַ נִבְגַּד֙ אִ֣ישׁ בְּאָחִ֔יו לְחַלֵּ֖ל בְּרִ֥ית אֲבֹתֵֽינוּ׃ בָּגְדָ֣ה
יְהוּדָ֔ה וְתוֹעֵבָ֛ה נֶעֶשְׂתָ֥ה בְיִשְׂרָאֵ֖ל וּבִירוּשָׁלָ֑͏ִם כִּ֣י ׀ חִלֵּ֣ל

---

א׳, יד׳ ס״א בקמץ    ב, ז׳ עד כאן

און שפּייזאָפּפער ריינע;
ווייל מיין נאָמען איז גרויס צווישן די פעלקער,
זאָגט גאָט פון צבֿאות.

12 און איר פֿאַרשוועכט אים מיט אַייער זאָגן:
דער טיש פון גאָט איז אומווערדיק,
און זיין פּרוכט, זיין שפּייז, איז נמאס.

13 און איר זאָגט: זע, וואָס פאַר אַ טירחא!
און איר בלאָזט דערויף,
זאָגט גאָט פון צבֿאות;
און איר ברענגט אַ געגזלטס,
און אַ הינקעדיקס און אַ קראַנקס;
און אַז איר ברענגט דעם קרבן,
זאָל איך אים באַוויליקן פון אַייער האַנט?
זאָגט גאָט.

14 און פֿאַרשאָלטן זאָל זיין דער ליסטיקער,
וואָס אין זיין סטאַדע איז דאָ אַ זכר,
און ער איז מנדר און שלאַכט אַ געפּעלערטס צו גאָט;
וואָרום אַ גרויסער קיניג בין איך,
זאָגט גאָט פון צבֿאות,
און מיין נאָמען איז פאָרכטיק צווישן די פעלקער.

ב 1 און אַצונד, צו אַייך
איז דערדאָזיקער אָנזאָג, איר כּהנים:

2 אויב איר וועט ניט צוהערן,
און אויב איר וועט ניט אַריינגעמען אין האַרצן,
צו געבן כּבוד צו מיין נאָמען,
זאָגט גאָט פון צבֿאות,
וועל איך אָנשיקן אויף אַייך אַ קללה,
און איך וועל פֿאַרשילטן אַייערע געבענטשענישן,
יאָ, איך טו זיי פֿאַרשילטן,
ווייל איר נעמט ניט צום האַרצן.

3 זעט, איך וועל אָנשרייען ביי אַייך אויף דער זריעה;
און איך וועל צעשיטן מיסט אויף אַייערע פּנימער,
דעם מיסט פון אַייערע יום־טוב־קרבּנות;
און מע וועט אַייך אַוועקטראָגן מיט אים.

4 און איר וועט וויסן אַז איך האָב אַייך געשיקט
דעמדאָזיקן אָנזאָג,
כּדי מיין בונד זאָל בלייבן מיט לוי,
זאָגט גאָט פון צבֿאות.

5 מיין בונד איז מיט אים געווען
אויף לעבן און פריד, און איך האָב זיי אים געגעבן,
אויף מורא, און ער האָט פאַר מיר מורא געהאַט,
און פאַר מיין נאָמען האָט ער געאַנגסט.

6 די תּורה פון אמת איז געווען אין זיין מויל,
און קיין אומרעכט האָט זיך ניט געפונען אויף זיינע
ליפּן;
אין פריד און אין רעכטפאַרטיקייט איז ער מיט מיר
געגאַנגען,
און פיל האָט ער אָפּגעקערט פון זינד.

7 וואָרום די ליפּן פון כּהן דאַרפן היטן קענשאַפט,
און די תּורה דאַרף מען זוכן פון זיין מויל,
ווייל דער שליח פון גאָט פון צבֿאות איז ער.

8 אָבער איר האָט זיך אָפּגעקערט פון וועג,
איר האָט געמאַכט שטרויכלען פיל אין דער תּורה,
איר האָט פֿאַרדאָרבן דעם בונד פון לוי,
זאָגט גאָט פון צבֿאות.

9 דרום האָב איך אויך אַייך געמאַכט
נבֿזה און שפל ביי דעם גאַנצן פאָלק,
ווידליק ווי איר היט ניט מיינע וועגן,
און שאַנעוועט מענטשן אין געזעץ.

10 איז ניט איין פאָטער ביי אונדז אַלעמען?
האָט אונדז ניט איין גאָט באַשאַפן?
פאַרוואָס זאָלן מיר פעלשן איינער אָן אַנדערן,
צו פאַרשוועכן דעם בונד פון אונדזערע עלטערן?

11 געפעלשט האָט יהודה,
און אומווערדיקייט איז געטאָן געוואָרן
אין ישׂראל און אין ירושלים,
וואָרום פאַרשוועכט האָט יהודה

יְהוּדָה קֹדֶשׁ יְהוָה אֲשֶׁר אָהֵב וּבָעַל בַּת־אֵל נֵכָר׃ יב יַכְרֵת
יְהוָה לָאִישׁ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂנָּה עֵר וְעֹנֶה מֵאָהֳלֵי יַעֲקֹב וּמַגִּישׁ
יג מִנְחָה לַיהוָה צְבָאוֹת׃ וְזֹאת שֵׁנִית תַּעֲשׂוּ כַּסּוֹת דִּמְעָה
אֶת־מִזְבַּח יְהוָה בְּכִי וַאֲנָקָה מֵאֵין עוֹד פְּנוֹת אֶל־הַמִּנְחָה
יד וְלָקַחַת רָצוֹן מִיֶּדְכֶם׃ וַאֲמַרְתֶּם עַל־מָה עַל כִּי־יְהוָה
הֵעִיד בֵּינְךָ וּבֵין ׀ אֵשֶׁת נְעוּרֶיךָ אֲשֶׁר אַתָּה בָּגַדְתָּה בָּהּ
טו וְהִיא חֲבֶרְתְּךָ וְאֵשֶׁת בְּרִיתֶךָ׃ וְלֹא־אֶחָד עָשָׂה וּשְׁאָר רוּחַ
לוֹ וּמָה הָאֶחָד מְבַקֵּשׁ זֶרַע אֱלֹהִים וְנִשְׁמַרְתֶּם בְּרוּחֲכֶם
טז וּבְאֵשֶׁת נְעוּרֶיךָ אַל־יִבְגֹּד׃ כִּי־שָׂנֵא שַׁלַּח אָמַר יְהוָה
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וְכִסָּה חָמָס עַל־לְבוּשׁוֹ אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
יז וְנִשְׁמַרְתֶּם בְּרוּחֲכֶם וְלֹא תִבְגֹּדוּ׃ הוֹגַעְתֶּם יְהוָה
בְּדִבְרֵיכֶם וַאֲמַרְתֶּם בַּמָּה הוֹגָעְנוּ בֶּאֱמָרְכֶם כָּל־עֹשֵׂה
רָע טוֹב ׀ בְּעֵינֵי יְהוָה וּבָהֶם הוּא חָפֵץ אוֹ אַיֵּה אֱלֹהֵי
הַמִּשְׁפָּט׃

## ג

א הִנְנִי שֹׁלֵחַ מַלְאָכִי וּפִנָּה־דֶרֶךְ לְפָנָי וּפִתְאֹם יָבוֹא אֶל־
הֵיכָלוֹ הָאָדוֹן ׀ אֲשֶׁר־אַתֶּם מְבַקְשִׁים וּמַלְאַךְ הַבְּרִית אֲשֶׁר
ב אַתֶּם חֲפֵצִים הִנֵּה־בָא אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת׃ וּמִי מְכַלְכֵּל
אֶת־יוֹם בּוֹאוֹ וּמִי הָעֹמֵד בְּהֵרָאוֹתוֹ כִּי־הוּא כְּאֵשׁ מְצָרֵף
ג וּכְבֹרִית מְכַבְּסִים׃ וְיָשַׁב מְצָרֵף וּמְטַהֵר כֶּסֶף וְטִהַר אֶת־
בְּנֵי־לֵוִי וְזִקַּק אֹתָם כַּזָּהָב וְכַכָּסֶף וְהָיוּ לַיהוָה מַגִּישֵׁי מִנְחָה
ד בִּצְדָקָה׃ ׳ וְעָרְבָה לַיהוָה מִנְחַת יְהוּדָה וִירוּשָׁלָ͏ִם כִּימֵי
ה עוֹלָם וּכְשָׁנִים קַדְמֹנִיּוֹת׃ וְקָרַבְתִּי אֲלֵיכֶם לַמִּשְׁפָּט וְהָיִיתִי ׀
עֵד מְמַהֵר בַּמְכַשְּׁפִים וּבַמְנָאֲפִים וּבַנִּשְׁבָּעִים לַשָּׁקֶר
וּבְעֹשְׁקֵי שְׂכַר־שָׂכִיר אַלְמָנָה וְיָתוֹם וּמַטֵּי־גֵר וְלֹא יְרֵאוּנִי
ו אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת׃ כִּי אֲנִי יְהוָה לֹא שָׁנִיתִי וְאַתֶּם בְּנֵי־
ז יַעֲקֹב לֹא כְלִיתֶם׃ לְמִימֵי אֲבֹתֵיכֶם סַרְתֶּם מֵחֻקַּי וְלֹא

ג, ד׳ הפטרת שבת הגדול

די הייליקייט פון יהוה וואָס ער האָט ליב געהאַט,
און האָט באַמאַנט די טאָכטער פון אַ פרעמדן גאָט.
12 גאָט וועט פאַרשניידן ביי דעם מאַן וואָס טוט דאָס,
אַ רופער און אַן ענטפערער פון די געצעלטן פון יעקב,
און דעם וואָס ברענגט אַ קרבן צו גאָט פון צבָאוֹת.
13 און צווייטנס טוט איר אָטוואָס:
איר באַדעקט דעם מזבח פון גאָט מיט טרערן.
מיט געוויין און מיט זיפצעניש,
ביז ער קען זיך מער ניט קערן צום קרבן,
און אים אָננעמען מיט באַוויליקונג פון אייער האַנט.
14 און איר זאָגט: פאַרוואָס?—
ווייל גאָט איז עדות
צווישן דיר און דער ווייב פון דיין יוגנט,
וואָס דו האָסט געפעלשט אָן איר,
הגם זי איז דיין חברטע,
און די ווייב פון דיין בונד.
15 און קיין איינער וועט דאָס ניט טאָן
וואָס האָט אַן איבערבלייב פון גייסט.
וואָרום וואָס פאַרלאַנגט יעטוועדער איינער?
אַ זאָמען פון גאָט.
דרום זאָלט איר זיין אָפּגעהיט אין אייער געמיט,
און אָן דער ווייב פון זיין יוגנט זאָל מען ניט פעלשן.
16 וואָרום איך האָב פיינט שיידונג,
זאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל,
און דעם וואָס באַדעקט זיין קלייד מיט אומרעכט,
זאָגט גאָט פון צבָאוֹת;
דרום זאָלט איר זיין אָפּגעהיט אין אייער געמיט,
אַז איר זאָלט ניט פעלשן.

17 איר האָט מיד געמאַכט גאָט מיט אייערע רייד,
און איר זאָגט: מיט וואָס האָבן מיר מיד געמאַכט?
מיט אייער זאָגן: איטלעכער וואָס טוט בייז,
איז גוט אין די אויגן פון גאָט,
און זיי וויל ער האָבן;
אָדער, ווו איז דער גאָט פון גערעכטיקייט?

ג 1 זע, איך שיק מיין שליח,
און ער וועט אָפּראַמען דעם וועג פאַר מיר,
און פּלוצלינג וועט קומען אין זיין טעמפּל
דער האַר וועמען איר זוכט;
און דער שליח פון בונד וועמען איר באַגערט,
אָט קומט ער, זאָגט גאָט פון צבָאוֹת.
2 און ווער קען אויסהאַלטן דעם טאָג פון זיין קומען?
און ווער איז דער וואָס קען באַשטיין, ווען ער
באַוויזט זיך?
וואָרום ער איז ווי פייער פון דעם שמעלצער,
און ווי לויג פון וועשער.
3 און ער וועט זיצן ווי אַ שמעלצער און אַ רייניקער
פון זילבער,
און וועט רייניקן די קינדער פון לֵוִי,
און זיי לייטערן ווי גאָלד און ווי זילבער;
און זיי וועלן ברענגען צו גאָט
קרבנות אין גערעכטיקייט.
4 און אָנגעלייגט וועט זיין ביי גאָט
דער קרבן פון יהודה און ירושלַיִם,
ווי אין די טעג פון אַמאָל,
און ווי אין פאַרצייטיקע יאָרן.
5 און איך וועל גענענען צום משפט אויף אייך,
און איך וועל זיין אַ שנעלער עדות,
אַקעגן די מכשפים, און אַקעגן די נואפים,
און אַקעגן די וואָס שווערן פאַלש,
און אַקעגן די וואָס רויבן דעם לוינאַרבעטער פון זיין לוין,
די אַלמנה און דעם יתום,
און קריוודען דעם פרעמדן,
און האָבן ניט קיין מורא פאַר מיר,
זאָגט גאָט פון צבָאוֹת.
6 אָבער איך גאָט ענדער זיך ניט,
און איר קינדער פון יעקב וועט ניט פאַרלענדט ווערן.
7 פון די טעג פון אייערע עלטערן אָן
האָט איר זיך אָפּגעקערט פון מיינע געזעצן, און זיי ניט
געהיט;

קערט אײַך אום צו מיר, און איך וועל זיך אומקערן
צו אײַך,
זאָגט גאָט פֿון צבָאוֹת.
אָבער איר זאָגט: װעגן װאָס זאָלן מיר זיך אומקערן?
8 צי דאַרף אַ מענטש באַרױבן גאָט,
װאָס איר באַרױבט מיך?
און איר זאָגט: אין װאָס באַרױבן מיר דיך?
אין דעם מעשׂר און דער אָפּשײדונג.
9 איר זײַט מיט אַ קללה פֿאַרשאָלטן,
פֿונדעסטװעגן באַרױבט איר מיך,
דאָס גאַנצע פֿאָלק.
10 ברענגט דעם גאַנצן מעשׂר אין שאַצהױז,
און זאָל זײַן שפּײַז אין מײַן הױז,
און פּרוּװט מיך אַקאָרשט דערמיט,
זאָגט גאָט פֿון צבָאוֹת,
אויב איך װעל אײַך ניט עפֿענען די פֿענצטער פֿון
הימל,
און װעל אײַך ניט אַראָפּגיסן אַ ברכה
ביז איבער גענוג.
11 און איך װעל אָנשרײַען פֿון אײַערטװעגן אױף דעם
פֿאַרצערער,
און ער װעט אײַך ניט פֿאַרװיסטן די פּרוכט פֿון דער
ערד,
און אײַער װײַנשטאָק װעט ניט פֿאַרװאַרפֿן אין פֿעלד,
זאָגט גאָט פֿון צבָאוֹת.
12 און אַלע פֿעלקער װעלן אײַך שאַצן גליקלעך,
װאָרום איר װעט זײַן אַ געװוּנטשט לאַנד,
זאָגט גאָט פֿון צבָאוֹת.
13 פֿאַרשײַט זײַנען אײַערע רײד קעגן מיר,
זאָגט גאָט.
און איר זאָגט: װאָס האָבן מיר גערעדט אַקעגן דיר?
14 איר האָט געזאָגט: „אומזיסט איז דינען גאָט,
און װאָס קומט אַרױס אַז מיר האָבן געהיט זײַן היטונג,
און אַז מיר זײַנען אומגעגאַנגען פֿינצטער
פֿון װעגן גאָט פֿון צבָאוֹת?
15 איז, אַצונד שאַצן מיר גליקלעך די מוטװיליקע;
יאָ, אױפֿגעריכט געװאָרן זײַנען די װאָס טוען שלעכטס,
יאָ, זײ האָבן געפּרוּװט גאָט, און זײַנען אַנטרונען
געװאָרן".
16 דענסמאָל האָבן די גאָטספֿאַרכטיקע
גערעדט אײנער צום אַנדערן,
און גאָט האָט פֿאַרנומען און צוגעהערט,
און אַ בוך פֿון דערמאָנונג איז אָנגעשריבן געװאָרן
בײַ אים,
פֿאַר די װאָס פֿאַרכטן גאָט, און טראַכטן אָן זײַן
נאָמען.
17 און זײ װעלן מיר זײַן אַ טײַער אײגנס,
זאָגט גאָט פֿון צבָאוֹת,
אין דעם טאָג װאָס איך באַשער;
און איך װעל זיך דערבאַרימען אױף זײ,
װי אַ מאַן דערבאַרימט זיך אױף זײַן זון װאָס דינט אים.
18 און איר װעט װידער אײַנזען
צװישן דעם צדיק און דעם רשע,
צװישן דעם װאָס דינט גאָט,
און דעם װאָס דינט אים ניט.
19 װאָרום זע, דער טאָג קומט,

שְׁמַרְתֶּם שׁוּבוּ אֵלַי וְאָשׁוּבָה אֲלֵיכֶם אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
ח וַאֲמַרְתֶּם בַּמֶּה נָשׁוּב׃ הֲיִקְבַּע אָדָם אֱלֹהִים כִּי אַתֶּם
קֹבְעִים אֹתִי וַאֲמַרְתֶּם בַּמֶּה קְבַעֲנוּךָ הַמַּעֲשֵׂר וְהַתְּרוּמָה׃
ט י בַּמְּאֵרָה אַתֶּם נֵאָרִים וְאֹתִי אַתֶּם קֹבְעִים הַגּוֹי כֻּלּוֹ׃ הָבִיאוּ
אֶת־כָּל־הַמַּעֲשֵׂר אֶל־בֵּית הָאוֹצָר וִיהִי טֶרֶף בְּבֵיתִי וּבְחָנוּנִי
נָא בָּזֹאת אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אִם־לֹא אֶפְתַּח לָכֶם אֵת
יא אֲרֻבּוֹת הַשָּׁמַיִם וַהֲרִיקֹתִי לָכֶם בְּרָכָה עַד־בְּלִי־דָי׃ וְגָעַרְתִּי
לָכֶם בָּאֹכֵל וְלֹא־יַשְׁחִת לָכֶם אֶת־פְּרִי הָאֲדָמָה וְלֹא־
יב תְשַׁכֵּל לָכֶם הַגֶּפֶן בַּשָּׂדֶה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת׃ וְאִשְּׁרוּ
אֶתְכֶם כָּל־הַגּוֹיִם כִּי־תִהְיוּ אַתֶּם אֶרֶץ חֵפֶץ אָמַר יְהוָה
יג צְבָאוֹת׃ חָזְקוּ עָלַי דִּבְרֵיכֶם אָמַר יְהוָה וַאֲמַרְתֶּם
יד מַה־נִּדְבַּרְנוּ עָלֶיךָ׃ אֲמַרְתֶּם שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹהִים וּמַה־
בֶּצַע כִּי שָׁמַרְנוּ מִשְׁמַרְתּוֹ וְכִי הָלַכְנוּ קְדֹרַנִּית מִפְּנֵי יְהוָה
טו צְבָאוֹת׃ וְעַתָּה אֲנַחְנוּ מְאַשְּׁרִים זֵדִים גַּם־נִבְנוּ עֹשֵׂי
טז רִשְׁעָה גַּם בָּחֲנוּ אֱלֹהִים וַיִּמָּלֵטוּ׃ אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי יְהוָה
אִישׁ אֶל־רֵעֵהוּ וַיַּקְשֵׁב יְהוָה וַיִּשְׁמָע וַיִּכָּתֵב סֵפֶר זִכָּרוֹן
יז לְפָנָיו לְיִרְאֵי יְהוָה וּלְחֹשְׁבֵי שְׁמוֹ׃ וְהָיוּ לִי אָמַר יְהוָה
צְבָאוֹת לַיּוֹם אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה סְגֻלָּה וְחָמַלְתִּי עֲלֵיהֶם
יח כַּאֲשֶׁר יַחְמֹל אִישׁ עַל־בְּנוֹ הָעֹבֵד אֹתוֹ׃ וְשַׁבְתֶּם וּרְאִיתֶם
יט בֵּין צַדִּיק לְרָשָׁע בֵּין עֹבֵד אֱלֹהִים לַאֲשֶׁר לֹא עֲבָדוֹ׃ כִּי
הִנֵּה הַיּוֹם בָּא בֹּעֵר כַּתַּנּוּר וְהָיוּ כָל־זֵדִים וְכָל־עֹשֵׂה
רִשְׁעָה קַשׁ וְלִהַט אֹתָם הַיּוֹם הַבָּא אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
כ אֲשֶׁר לֹא־יַעֲזֹב לָהֶם שֹׁרֶשׁ וְעָנָף׃ וְזָרְחָה לָכֶם יִרְאֵי שְׁמִי
שֶׁמֶשׁ צְדָקָה וּמַרְפֵּא בִּכְנָפֶיהָ וִיצָאתֶם וּפִשְׁתֶּם כְּעֶגְלֵי
כא מַרְבֵּק׃ וְעַסּוֹתֶם רְשָׁעִים כִּי־יִהְיוּ אֵפֶר תַּחַת כַּפּוֹת
כב רַגְלֵיכֶם בַּיּוֹם אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת׃ זִכְרוּ
תּוֹרַת מֹשֶׁה עַבְדִּי אֲשֶׁר צִוִּיתִי אוֹתוֹ בְחֹרֵב עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל

טז׳ קמץ בז״ק   כב׳ ז׳ רבתי

ער ברענט װי אַן אױװן,
און אַלע מוטװיליקע און אַלע װאָס טוען שלעכטס
װעלן זײַן שטרױ,
און אָנצינדן װעט זײ דער טאָג װאָס קומט,
זאָגט גאָט פֿון צבָאוֹת,
אַז ער װעט זײ ניט איבערלאָזן
אַ װאָרצל אָדער אַ צװײַג.
20 אָבער אײַך, װאָס האָט מורא פֿאַר מײַן נאָמען,
װעט אױפֿגײן די זון פֿון גערעכטיקײט
מיט הײלונג אין אירע פֿליגלען;
און איר װעט אַרױסגײן און װעט שפּרינגען
װי קעלבער פֿון שטאַל.
21 און איר װעט צודריקן די רשעים,
װאָרום זײ װעלן זײַן אַש אונטער אײַערע פֿוססטריט
אין דעם טאָג װאָס איך באַשער,
זאָגט גאָט פֿון צבָאוֹת.
22 געדענקט די תּורה פֿון מײַן קנעכט משהן,
װאָס איך האָב אים באַפֿױלן אין חורב פֿאַר גאַנץ ישׂראל,

חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים׃ הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא כג
לִפְנֵי בּוֹא יוֹם יְהוָה הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא׃ וְהֵשִׁיב לֵב־אָבוֹת כד
עַל־בָּנִים וְלֵב בָּנִים עַל־אֲבוֹתָם פֶּן־אָבוֹא וְהִכֵּיתִי אֶת־
הָאָרֶץ חֵרֶם׃

חוקים און געזעצן.
23 זעט, איך שיק צו אײַך
אֵלִיָהו הנביא,
אײדער עס קומט דער טאָג פון גאָט,
דער גרויסער און דער מוֹראדיקער.
24 און ער וועט אומקערן דאָס האַרץ פון עלטערן צו קינדער,
און דאָס האַרץ פון קינדער צו זײערע עלטערן,
כּדי איך זאָל ניט קומען,
און שלאָגן דאָס לאַנד מיט פאַרוויסטונג.

הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם יְהוָה
הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא׃
סימן ית״קק׃

זעט, איך שיק צו אײַך
אֵלִיָהו הנביא,
אײדער עס קומט דער טאָג פון גאָט,
דער גרויסער און דער מוֹראדיקער.

# חזק

## סכום פסוקי תרי עשר

הושע מאה ותשעים ושבעה: ורגלך לא בצקה סימן.
יואל שבעים ושלשה: שלחו מגל סימן.
עמוס מאה וארבעים וששה: קמו בניה סימן.
עובדיה עשרים ואחד: אך טוב לישראל סימן.
יונה ארבעים ושמונה: ישראל עושה חיל סימן.
מיכה מאה וחמשה: עלה אלהים בתרועה סימן.
נחום ארבעים ושבעה: יזל מים סימן.
חבקוק חמשים וששה: ולך תהיה צדקה סימן:
צפניה חמשים ושלשה: גן נעול סימן.
חגי שלשים ושמונה: כי אם גלה סודו סימן.
זכריה מאתים ואחד עשר: אשרי כל ירא י״י סימן.
מלאכי חמשים וחמשה: ויעקב הלך לדרכו סימן:
סכום הפסוקים של כל שנים עשר נביאים אלף וחמשים כי שרית
עם אלהים סימן. וחציו. לכן בגללכם ציון שדה תחרש. וסדריו
עשרים ואחד. ולכבוד אהיה בתוכה סימן:

# תְּהִלִּים

## ספר ראשון

### א

א אַשְׁרֵי הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא הָלַךְ בַּעֲצַת רְשָׁעִים וּבְדֶרֶךְ
ב חַטָּאִים לֹא עָמָד וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב: כִּי אִם־בְּתוֹרַת
ג יְהוָה חֶפְצוֹ וּבְתוֹרָתוֹ יֶהְגֶּה יוֹמָם וָלָיְלָה: וְהָיָה כְּעֵץ
שָׁתוּל עַל־פַּלְגֵי מָיִם אֲשֶׁר פִּרְיוֹ ׀ יִתֵּן בְּעִתּוֹ וְעָלֵהוּ לֹא
ד יִבּוֹל וְכֹל אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה יַצְלִיחַ: לֹא־כֵן הָרְשָׁעִים כִּי אִם־
ה כַּמֹּץ אֲשֶׁר־תִּדְּפֶנּוּ רוּחַ: עַל־כֵּן ׀ לֹא־יָקֻמוּ רְשָׁעִים בַּמִּשְׁפָּט
ו וְחַטָּאִים בַּעֲדַת צַדִּיקִים: כִּי־יוֹדֵעַ יְהוָה דֶּרֶךְ צַדִּיקִים
וְדֶרֶךְ רְשָׁעִים תֹּאבֵד:

### ב

א ב לָמָּה רָגְשׁוּ גוֹיִם וּלְאֻמִּים יֶהְגּוּ־רִיק: יִתְיַצְּבוּ ׀ מַלְכֵי־אֶרֶץ
ג וְרוֹזְנִים נוֹסְדוּ־יָחַד עַל־יְהוָה וְעַל־מְשִׁיחוֹ: נְנַתְּקָה אֶת־
ד מוֹסְרוֹתֵימוֹ וְנַשְׁלִיכָה מִמֶּנּוּ עֲבֹתֵימוֹ: יוֹשֵׁב בַּשָּׁמַיִם
ה יִשְׂחָק אֲדֹנָי יִלְעַג־לָמוֹ: אָז יְדַבֵּר אֵלֵימוֹ בְאַפּוֹ וּבַחֲרוֹנוֹ
ו ז יְבַהֲלֵמוֹ: וַאֲנִי נָסַכְתִּי מַלְכִּי עַל־צִיּוֹן הַר־קָדְשִׁי: אֲסַפְּרָה
אֶל חֹק יְהוָה אָמַר אֵלַי בְּנִי אַתָּה אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ:
ח שְׁאַל מִמֶּנִּי וְאֶתְּנָה גוֹיִם נַחֲלָתֶךָ וַאֲחֻזָּתְךָ אַפְסֵי־אָרֶץ:
ט י תְּרֹעֵם בְּשֵׁבֶט בַּרְזֶל כִּכְלִי יוֹצֵר תְּנַפְּצֵם: וְעַתָּה מְלָכִים
יא הַשְׂכִּילוּ הִוָּסְרוּ שֹׁפְטֵי אָרֶץ: עִבְדוּ אֶת־יְהוָה בְּיִרְאָה
יב וְגִילוּ בִּרְעָדָה: נַשְּׁקוּ־בַר פֶּן־יֶאֱנַף ׀ וְתֹאבְדוּ דֶרֶךְ כִּי־
יִבְעַר כִּמְעַט אַפּוֹ אַשְׁרֵי כָּל־חוֹסֵי בוֹ:

א, א׳ קמץ באתנח שאחר עולה ויורד

## ערשטער ספר

**א** 1 ווויל צו דעם מענטשן וואָס איז ניט געגאַנגען
אין דער עצה פון די רשעים.
און אויף דעם וועג פון די זינדיקע,
איז ער ניט געשטאַנען,
און אין דער זיצונג פון די שפּעטער
איז ער ניט געזעסן.
2 נייערט צו דער תּורה פון גאָט איז זיין באַגער,
און אָן זיין תּורה טראַכט ער טאָג און נאַכט.
3 און ער וועט זיין ווי אַ בוים געפלאַנצט ביי בּעכן
וואַסער,
וואָס גיט זיין פרוכט אין זיין צייט,
און זיין בלאַט ווערט ניט פאַרוועלקט;
און אין אַלץ וואָס ער טוט וועט ער באַגליקן.
4 ניט אַזוי זיינען די רשעים;
נייערט ווי דער שפּריי וואָס אַ ווינט פאַריאָגט אים,
5 דרום וועלן די רשעים ניט באַשטיין פאַרן משפּט,
און די זינדיקע אין דער עדה פון די צדיקים,
6 וואָרום גאָט מערקט דעם וועג פון די צדיקים,
און דער וועג פון די רשעים וועט אונטערגיין.

**ב** 1 פאַרוואָס רודערן די פעלקער,
און די אומות טוען ברומען אומנישט?
2 די מלכים פון דער ערד שטעלן זיך אויף,
און די פירשטן עצהן זיך אין איינעם
אויף גאָט און אויף זיין געזאַלבטן:
3 לאָמיר צערייסן זייערע בינד,
און אַראָפּוואַרפן פון אונדז זייערע שטריק.
4 דער וואָס זיצט אין הימל לאַכט,
גאָט טוט שפּעטן פון זיי.
5 דענסמאָל וועט ער רעדן צו זיי אין זיין כּעס,
און אין זיין גרימצאָרן וועט ער זיי דערשרעקן:
6 דאָס האָב איך דאָך אויפגעשטעלט מיין מלך
אויף ציון מיין הייליקן באַרג.

7 לאָמיר דערציילן פון דער באַשערונג:
גאָט האָט מיר געזאָגט: מיין זון ביסטו,
איך האָב היינט דיך געבאָרן.
8 בעט ביי מיר, און איך וועל געבן פעלקער פאַר דיין
אַרב,
און פאַר דיין אייגנטום די עקן פון דער ערד.
9 וועסט זיי צעברעכן מיט אַן אייזערנער רוט,
ווי אַ טעפּערגעפעס זיי צעפּיצלען.

10 און אַצונד, איר מלכים, באַטראַכט,
לאָזט אייך לערנען, איר ריכטער פון דער ערד.
11 דינט גאָט מיט מורא;
און שוידערט אין ציטערניש.
12 אַכפּערט מיט לויטערקייט, כּדי ער זאָל ניט צערענען,
און איר וועט פאַרלירן דעם וועג,
אַז זיין כּעס וועט זיך אָנצינדן באַלד;

ווויל איז צו אַלע וואָס שיצן זיך אין אים.

ג

א ב מזמור לדוד בברחו מפני | אבשלום בנו: יהוה מה־
ג רבו צרי רבים קמים עלי: רבים אמרים לנפשי אין
ד ישועתה לו באלהים סלה: ואתה יהוה מגן בעדי כבודי
ה ומרים ראשי: קולי אל־יהוה אקרא ויענני מהר קדשו
ו סלה: אני שכבתי ואישנה הקיצותי כי יהוה יסמכני:
ז ח לא־אירא מרבבות עם אשר סביב שתו עלי: קומה
יהוה | הושיעני אלהי כי־הכית את־כל־איבי לחי שני
ט רשעים שברת: ליהוה הישועה על־עמך ברכתך סלה:

ד

א ב למנצח בנגינות מזמור לדוד: בקראי ענני | אלהי צדקי
ג בצר הרחבת לי חנני ושמע תפלתי: בני־איש עד־מה
ד כבודי לכלמה תאהבון ריק תבקשו כזב סלה: ודעו
ה כי־הפלה יהוה חסיד לו יהוה ישמע בקראי אליו: רגזו
ואל־תחטאו אמרו בלבבכם על־משכבכם ודמו סלה:
ו ז זבחו זבחי־צדק ובטחו אל־יהוה: רבים אמרים מי־יראנו
ח טוב נסה־עלינו אור פניך יהוה: נתתה שמחה בלבי
ט מעת דגנם ותירושם רבו: בשלום יחדו אשכבה ואישן
כי־אתה יהוה לבדד לבטח תושיבני:

ה

א ב למנצח אל־הנחילות מזמור לדוד: אמרי האזינה | יהוה
ג בינה הגיגי: הקשיבה לקול שועי מלכי ואלהי כי־אליך
ד אתפלל: יהוה בקר תשמע קולי בקר אערך־לך ואצפה:
ה ו כי | לא אל חפץ רשע | אתה לא יגרך רע: לא־יתיצבו
ז הוללים לנגד עיניך שנאת כל־פעלי און: תאבד דברי
ח כזב איש־דמים ומרמה יתעב | יהוה: ואני ברב חסדך
ט אבוא ביתך אשתחוה אל־היכל קדשך ביראתך: יהוה |

ג, ח׳ פתח בס״פ   ה, ג׳ נ״א | לקול שועי מלכי

---

ג 1 אַ מִזמור פון דודן, ווען ער איז אַנטלאָפן פון זיין זון אַבשָלומען[א].
2 גאָט, ווי פיל זיינען מיינע פיינט!
פיל די וואָס שטייען אָן אויף מיר!
3 פיל זאָגן אויף מיין זעל:
ניטאָ פאַר אים קיין הילף ביי גאָט. סֶלָה.
4 אָבער דו גאָט ביסט אַ שילד פאַר מיר,
מיין כבוד און דער דערהייבער פון מיין קאָפּ.
5 מיט מיין קָול טו איך רופן צו גאָט,
און ער ענטפערט מיר פון זיין הייליקן באַרג. סֶלָה.
6 איך לייג זיך און שלאָף איין,
איך וואַך אויף, ווייל גאָט לענט מיך אונטער.
7 איך האָב ניט מורא פאַר צענטויזנטן פאָלק,
וואָס האָבן רונד אַרום זיך אָנגעזעצט אויף מיר.

8 שטיי אויף, יהוה, העלף מיך מיין גאָט,
וואָרום האָסט געשלאָגן אַלע מיינע פיינט אויף דער באַק,
די ציין פון די רשעים האָסטו צעבראָכן.

9 ביי גאָט איז די הילף;
זאָל קומען דיין ברכה אויף דיין פאָלק! סֶלָה.

ד 1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער, מיט סטרונעשפיל; אַ מִזמור פון דודן.
2 אַז איך רוף, ענטפער מיר, גאָט מיין גערעכטער;
אין ענגעניש זאָלסטו מיר דערברייטערן;
לייטועליק מיך, און הער צו מיין תפילה.

3 איר מענטשנקינדער, ביז וואַנען
וועט מיין כבוד צו שאַנד זיין,
וועט איר ליב האָבן נישטיקייט,
וועט איר זוכן ליגן? סֶלָה.
4 אָבער זייט וויסן, אַז גאָט שיידט אָפּ זיין פרומען,
גאָט וועט הערן אַז איך וועל רופן צו אים.

5 ציטערט און איר זאָלט ניט זינדיקן,
באַקלערט אין אַייער האַרצן אויף אַייער געלעגער,
און ווערט אַנטשוויגן. סֶלָה.
6 שלאַכט שלאַכטאָפּפער פון גערעכטיקייט,
און פאַרזיכערט אַייך אויף גאָט.

7 פיל זאָגן: ווער וועט אונדז ווייזן גוטס?
גאָט, הייב דאָס ליכט פון דיין פנים אויף אונדז.
8 האָסט מיר געגעבן מער שמחה אין האַרצן,
ווי בעת זייער תבואה און זייער וויין זיינען פיל.
9 בשלום ווי איך לייג זיך אַזוי שלאָף איך איין,
וואָרום דו גאָט מאַכסט מיך וווינען באַזונדער אין זיכערקייט.

ה 1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער אויף נחילות; אַ מִזמור פון דודן.
2 פאַרנעם מיינע ווערטער, גאָט.
מערק מיין זיפצעניש.
3 האָרך צום קָול פון מיין געשריי, מיין קיניג און מיין גאָט,
וואָרום צו דיר טו איך בעטן.

4 יהוה, פרימאָרגנס הער צו מיין קָול,
פרימאָרגנס טענה איך צו דיר, און קוק אויס.
5 וואָרום ניט אַ גאָט וואָס וויל אומרעכט ביסטו,
ביי דיר קען ניט ווײלן קיין שלעכטס.
6 פראָלער קענען ניט שטיין פאַר דיינע אויגן,
האָסט פיינט אַלע טוער פון אומרעכט.
7 ברענגסט אונטער די וואָס רעדן ליגן;
דעם מאַן פון בלוט און באַטרוג פאַראומווערדיקט גאָט.
8 אָבער איך וועל קומען אין דיין הויז דורך דיין גרויס גענאָד,
איך וועל מיך בוקן אין דיין הייליקן טעמפל
צווישן דיינע פאָרכטער.

[א] זע שמואל ב׳ טו.

נְחֵנִי בְצִדְקָתֶךָ לְמַעַן שׁוֹרְרָי הַוְשַׁר לְפָנַי דַּרְכֶּךָ׃ כִּי אֵין י
בְּפִיהוּ נְכוֹנָה קִרְבָּם הַוּוֹת קֶבֶר־פָּתוּחַ גְּרוֹנָם לְשׁוֹנָם
יַחֲלִיקוּן׃ הַאֲשִׁימֵם ׀ אֱלֹהִים יִפְּלוּ מִמֹּעֲצוֹתֵיהֶם בְּרֹב יא
פִּשְׁעֵיהֶם הַדִּיחֵמוֹ כִּי מָרוּ בָךְ׃ וְיִשְׂמְחוּ כָל־חוֹסֵי בָךְ יב
לְעוֹלָם יְרַנֵּנוּ וְתָסֵךְ עָלֵימוֹ וְיַעְלְצוּ בְךָ אֹהֲבֵי שְׁמֶךָ׃ כִּי־ יג
אַתָּה תְּבָרֵךְ צַדִּיק יְהוָה כַּצִּנָּה רָצוֹן תַּעְטְרֶנּוּ׃

## ו

לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינוֹת עַל־הַשְּׁמִינִית מִזְמוֹר לְדָוִד׃ יְהוָה אַל־ א ב
בְּאַפְּךָ תוֹכִיחֵנִי וְאַל־בַּחֲמָתְךָ תְיַסְּרֵנִי׃ חָנֵּנִי יְהוָה כִּי אֻמְלַל ג
אָנִי רְפָאֵנִי יְהוָה כִּי נִבְהֲלוּ עֲצָמָי׃ וְנַפְשִׁי נִבְהֲלָה מְאֹד ד
וְאַתָּ יְהוָה עַד־מָתָי׃ שׁוּבָה יְהוָה חַלְּצָה נַפְשִׁי הוֹשִׁיעֵנִי ה
לְמַעַן חַסְדֶּךָ׃ כִּי אֵין בַּמָּוֶת זִכְרֶךָ בִּשְׁאוֹל מִי יוֹדֶה־לָּךְ׃ ו
יָגַעְתִּי בְּאַנְחָתִי אַשְׂחֶה בְכָל־לַיְלָה מִטָּתִי בְּדִמְעָתִי עַרְשִׂי ז
אַמְסֶה׃ עָשְׁשָׁה מִכַּעַס עֵינִי עָתְקָה בְּכָל־צוֹרְרָי׃ סוּרוּ ח ט
מִמֶּנִּי כָּל־פֹּעֲלֵי אָוֶן כִּי־שָׁמַע יְהוָה קוֹל בִּכְיִי׃ שָׁמַע יְהוָה י
תְּחִנָּתִי יְהוָה תְּפִלָּתִי יִקָּח׃ יֵבֹשׁוּ וְיִבָּהֲלוּ מְאֹד כָּל־אֹיְבָי יא
יָשֻׁבוּ יֵבֹשׁוּ רָגַע׃

## ז

שִׁגָּיוֹן לְדָוִד אֲשֶׁר־שָׁר לַיהוָה עַל־דִּבְרֵי־כוּשׁ בֶּן־יְמִינִי׃ א
יְהוָה אֱלֹהַי בְּךָ חָסִיתִי הוֹשִׁיעֵנִי מִכָּל־רֹדְפַי וְהַצִּילֵנִי׃ ב
פֶּן־יִטְרֹף כְּאַרְיֵה נַפְשִׁי פֹּרֵק וְאֵין מַצִּיל׃ יְהוָה אֱלֹהַי אִם־ ג ד
עָשִׂיתִי זֹאת אִם־יֶשׁ־עָוֶל בְּכַפָּי׃ אִם־גָּמַלְתִּי שׁוֹלְמִי רָע ה
וָאֲחַלְּצָה צוֹרְרִי רֵיקָם׃ יִרַדֹּף אוֹיֵב ׀ נַפְשִׁי וְיַשֵּׂג וְיִרְמֹס ו
לָאָרֶץ חַיָּי וּכְבוֹדִי ׀ לֶעָפָר יַשְׁכֵּן סֶלָה׃ קוּמָה יְהוָה ׀ בְּאַפֶּךָ ז
הִנָּשֵׂא בְּעַבְרוֹת צוֹרְרָי וְעוּרָה אֵלַי מִשְׁפָּט צִוִּיתָ׃ וַעֲדַת ח
לְאֻמִּים תְּסוֹבְבֶךָּ וְעָלֶיהָ לַמָּרוֹם שׁוּבָה׃ יְהוָה יָדִין עַמִּים ט
שָׁפְטֵנִי יְהוָה כְּצִדְקִי וּכְתֻמִּי עָלָי׃ יִגְמָר־נָא רַע ׀ רְשָׁעִים י

ה, ט׳ הישר ק ו, ד׳ ואתה ק ז, ה׳ ס״א ואחלצה צוררי

9 גאָט, פיר מיך אין דיין גערעכטיקייט
פון וועגן מיינע לויערער,
מאַך גלייך דיין וועג פאַר מיר.
10 וואָרום ניטאָ אין זייער מויל קיין ריכטיקייט,
זייער אינגעווייד איז אַן אונטערגאַנג,
אַן אָפענער קבר איז זייער קעל;
זייער צונג מאַכן זיי גלאַט.
11 פאַרמשפּט זיי גאָט,
זאָלן זיי פאַלן דורך זייערע באַראָטן;
פאַרשטויס זיי פאַר זייערע פיל פאַרברעכן,
ווייל זיי האָבן ווידערשפּעניקט אָן דיר.
12 און אַלע וואָס שיצן זיך אין דיר, וועלן זיך פרייען,
אייביק וועלן זיי זינגען, וואָרום וועסט זיי באַשירעמען,
און די ליבהאָבער פון דיין נאָמען
וועלן זיין לוסטיק מיט דיר.
13 וואָרום דו בענטשסט דעם צדיק, גאָט,
ווי אַ פאַנצער מיט גוטוויליקייט רינגלסטו אים אַרום.

ו 1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער, מיט סטרונעשפּיל, אויף שמינית; אַ מזמור פון דודן.
2 ניט אין דיין כעס זאָלסטו מיך מוסרן, גאָט,
און ניט אין דיין גרימצאָרן זאָלסטו מיך שטראָפן.
3 לייטזעליק מיך, גאָט, וואָרום איך ווער פאַרשניטן,
הייל מיך, גאָט, וואָרום מיינע ביינער זיינען דערשראָקן,
4 און מיין זעל איז דערשראָקן ווייער,
און דו גאָט, ביז וואַנען?
5 קער זיך אום, גאָט, דערלייז מיין זעל,
העלף מיך פון וועגן דיין גענאָד.
6 וואָרום ניטאָ אין טויט דיין דערמאָנונג,
אין אונטערערד ווער וועט דיך לויבן?
7 איך בין מיד פון מיין זיפצן,
איך באַוואַש אַלע נאַכט מיין געלעגער,
איך מאַך צעגיין אין מיינע טרערן מיין בעט.
8 מאַט געוואָרן פון קומער איז מיין אויג,
אַלט געוואָרן פון וועגן אַלע מיינע פיינט.

9 קערט אייך אָפּ פון מיר, אַלע טוער פון אומרעכט,
וואָרום גאָט האָט געהערט דעם קול פון מיין געוויין.
10 גאָט האָט געהערט מיין געבעט,
גאָט נעמט אָן מיין תּפילה.
11 פאַרשעמט און דערשראָקן זייער
וועלן ווערן אַלע מיינע פיינט;
זיי וועלן אָפּטרעטן פאַרשעמט אין אַ רגע.

ז 1 אַ שִגָיון פון דודן, וואָס ער האָט געזונגען צו גאָט פון וועגן כּוש דעם בנימינער.
2 יהוה מיין גאָט, אין דיר האָב איך מיך געשיצט,
העלף מיך פון אַלע מיינע נאָכיאָגער, און זיי מיך מציל,
3 מע זאָל ניט פאַרצוקן ווי אַ לייב מיין זעל,
צערייסן, און קיינער זאָל ניט מציל זיין.

4 יהוה מיין גאָט, אויב איך האָב אַזוי וואָס געטאָן,
אויב אומרעכט איז דאָ אין מיינע הענט,
5 אויב איך האָב געטאָן בייז מיין גוטן פריינט,
אָדער באַרויבט צומאָל מיין אומזיסטיקן פיינט,
6 זאָל דער שׂונא מיך נאָכיאָגן און דערגרייכן,
און טרעטן צו דער ערד מיין לעבן,
און מיין כּבוד אין שטויב לייגן. סֶלָה.

7 שטיי אויף, גאָט, אין דיין כּעס,
דערהייב דיך אין גרימצאָרן קעגן מיינע פיינט,
און דערוועק פאַר מיר דעם משפּט וואָס דו האָסט אָנגעזאָגט.
8 און ווי די עדה פון די פעלקער דיך רינגלט אַרום,
קער זיך אום איבער איר צו דער הייך.

9 גאָט, וואָס משפּטסט די פעלקער, משפּט מיך, גאָט,
לויט מיין גערעכטיקייט און לויט מיין ערלעכקייט אין מיר.
10 זאָל שוין זיך עקן דאָס בייז פון די רשעים,

יא וְתִכּוֹנֵן צַדִּיק וּבֹחֵן לִבּוֹת וּכְלָיוֹת אֱלֹהִים צַדִּיק׃ מָגִנִּי
יב עַל־אֱלֹהִים מוֹשִׁיעַ יִשְׁרֵי־לֵב׃ אֱלֹהִים שׁוֹפֵט צַדִּיק
יג וְאֵל זֹעֵם בְּכָל־יוֹם׃ אִם־לֹא יָשׁוּב חַרְבּוֹ יִלְטוֹשׁ קַשְׁתּוֹ
יד דָּרַךְ וַיְכוֹנְנֶהָ׃ וְלוֹ הֵכִין כְּלֵי־מָוֶת חִצָּיו לְדֹלְקִים יִפְעָל׃
טו טז הִנֵּה יְחַבֶּל־אָוֶן וְהָרָה עָמָל וְיָלַד שָׁקֶר׃ בּוֹר כָּרָה
יז וַיַּחְפְּרֵהוּ וַיִּפֹּל בְּשַׁחַת יִפְעָל׃ יָשׁוּב עֲמָלוֹ בְרֹאשׁוֹ וְעַל־
יח קָדְקֳדוֹ חֲמָסוֹ יֵרֵד׃ אוֹדֶה יְהוָה כְּצִדְקוֹ וַאֲזַמְּרָה שֵׁם־
יְהוָה עֶלְיוֹן׃

ח

א ב לַמְנַצֵּחַ עַל־הַגִּתִּית מִזְמוֹר לְדָוִד׃ יְהוָה אֲדֹנֵינוּ מָה־
אַדִּיר שִׁמְךָ בְּכָל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־תְּנָה הוֹדְךָ עַל־הַשָּׁמָיִם׃
ג מִפִּי עוֹלְלִים ׀ וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז לְמַעַן צוֹרְרֶיךָ לְהַשְׁבִּית
ד אוֹיֵב וּמִתְנַקֵּם׃ כִּי־אֶרְאֶה שָׁמֶיךָ מַעֲשֵׂה אֶצְבְּעֹתֶיךָ יָרֵחַ
ה וְכוֹכָבִים אֲשֶׁר כּוֹנָנְתָּה׃ מָה־אֱנוֹשׁ כִּי־תִזְכְּרֶנּוּ וּבֶן־אָדָם
ו כִּי תִפְקְדֶנּוּ׃ וַתְּחַסְּרֵהוּ מְּעַט מֵאֱלֹהִים וְכָבוֹד וְהָדָר
ז תְּעַטְּרֵהוּ׃ תַּמְשִׁילֵהוּ בְּמַעֲשֵׂי יָדֶיךָ כֹּל שַׁתָּה תַחַת־
ח ט רַגְלָיו׃ צֹנֶה וַאֲלָפִים כֻּלָּם וְגַם בַּהֲמוֹת שָׂדָי׃ צִפּוֹר שָׁמַיִם
י וּדְגֵי הַיָּם עֹבֵר אָרְחוֹת יַמִּים׃ יְהוָה אֲדֹנֵינוּ מָה־אַדִּיר
שִׁמְךָ בְּכָל־הָאָרֶץ׃

ט

א ב לַמְנַצֵּחַ עַל־מוּת לַבֵּן מִזְמוֹר לְדָוִד׃ אוֹדֶה יְהוָה בְּכָל־
ג לִבִּי אֲסַפְּרָה כָּל־נִפְלְאוֹתֶיךָ׃ אֶשְׂמְחָה וְאֶעֶלְצָה בָךְ
ד אֲזַמְּרָה שִׁמְךָ עֶלְיוֹן׃ בְּשׁוּב־אוֹיְבַי אָחוֹר יִכָּשְׁלוּ וְיֹאבְדוּ
ה מִפָּנֶיךָ׃ כִּי־עָשִׂיתָ מִשְׁפָּטִי וְדִינִי יָשַׁבְתָּ לְכִסֵּא שׁוֹפֵט
ו צֶדֶק׃ גָּעַרְתָּ גוֹיִם אִבַּדְתָּ רָשָׁע שְׁמָם מָחִיתָ לְעוֹלָם וָעֶד׃
ז הָאוֹיֵב ׀ תַּמּוּ חֳרָבוֹת לָנֶצַח וְעָרִים נָתַשְׁתָּ אָבַד זִכְרָם
ח ט הֵמָּה׃ וַיהוָה לְעוֹלָם יֵשֵׁב כּוֹנֵן לַמִּשְׁפָּט כִּסְאוֹ׃ וְהוּא
י יִשְׁפֹּט־תֵּבֵל בְּצֶדֶק יָדִין לְאֻמִּים בְּמֵישָׁרִים׃ וִיהִי יְהוָה

און דו זאָלסט אויפריכטן דעם צדיק;
וואָרום דו פּרוּווסט די הערצער און נירן,
גאָט דו גערעכטער.
11 מיין באַשיץ איז אויף גאָט;
ער העלפט די רעכטפאַרטיקע הערצער.
12 גאָט איז אַ גערעכטער ריכטער,
און אַ צערנדיקער גאָט אַלע טאָג.

13 פאַרוואָר, ער שלייפט נאָכאַנאַנד זיין שווערד,
ער שפּאַנט זיין בויגן און שטעלט אים אָן.
14 און ער גרייט זיך אָן געצייג פון טויט,
ער מאַכט ברענעדיק שאַרף זיינע פיילן.
15 זע, ער אַנטפאַנגט אומרעכט,
און ער טראָגט אומגליק, און געבערט ליגן.
16 ער גראָבט אַ גרוב און הוילט זי אויס,
און פאַלט אין דעם אָפּגרונט וואָס ער מאַכט,
17 זיין אומרעכט וועט זיך אומקערן אויף זיין קאָפּ,
און אויף זיין שאַרבן וועט נידערן זיין פאַרברעך.

18 איך וועל לויבן גאָט לויט זיין גערעכטיקייט,
און באַזינגען דעם נאָמען פון גאָט דעם אויבערשטן.

ח 1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער, אויף גתּית; אַ מִזמור
פון דודן.
2 גאָט אונדזער האַר,
ווי פּראַכטיק איז דיין נאָמען אויף דער גאַנצער ערד,
אַז דער לויב פון דיין גלאַנץ איז איבער די הימלען!
3 פון דעם מויל פון עופעלעך און זויגעדיקע
האָסטו באַפעסטיקט [דיין] מאַכט;
פון וועגן דיינע פיינט—
כדי שטיל צו מאַכן דעם שונא און ראַכענעמער.

4 אַז איך זע די הימלען, דאָס ווערק פון דיינע פינגער,
די לבנה און שטערן וואָס דו האָסט אויפגעשטעלט—
5 וואָס איז אַ מענטש, אַז דו זאָלסט אים געדענקען?
און אַ מענטשנקינד, אַז דו זאָלסט אים דערמאָנען?
6 וואָרום האָסט אים געמאַכט שיר ניט מינער פון גאָט,
און מיט כבוד און שיינקייט באַקריינסטו אים.
7 מאַכסט אים געוועלטיקן איבער די ווערק פון דיינע הענט,
אַלצדינג האָסטו געלייגט אונטער זיינע פיס;
8 שאָף און רינדער אַלע,
און אַפילו חיות פון פעלד;
9 דעם פויגל פון הימל, און די פישן פון ים—
וואָס נאָר עס ציט דורך די שטעגן פון ימען.

10 גאָט אונדזער האַר,
ווי פּראַכטיק איז דיין נאָמען אויף דער גאַנצער ערד!

ט 1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער, אויף מות־לַבֵּן; אַ מִזמור
פון דודן.
2 איך וועל לויבן גאָט מיט מיין גאַנצן האַרצן,
איך וועל דערציילן אַלע דיינע וואונדער.
3 איך וועל זיך פרייען און לוסטיק זיין מיט דיר,
איך וועל באַזינגען דיין נאָמען, דו העכסטער;
4 ווען מיינע פיינט קערן זיך אַהינטער,
ווערן געשטרויכלט און גייען אונטער פאַר דיר,
5 וואָרום האָסט געטאָן מיין משפּט און מיין רעכט,
האָסט זיך געזעצט אויפן טראָן, דו ריכטער גערעכטער.
6 האָסט אָנגעשריען אויף די פעלקער,
האָסט אונטערגעבראַכט דעם רשע,
זייער נאָמען האָסטו אויסגעמעקט
אויף אייביק און שטענדיק.
7 דו פיינט, פאַרלענדט זיינען די חורבות אויף תמיד;
און שטעט האָסטו אויסגעריסן,
זייער זֵכר איז אונטערגעגאַנגען,
8 אָבער גאָט וועט אייביק בלייבן,
ער שטעלט אויף צום משפּט זיין טראָן;
9 און ער וועט משפּטן די וועלט מיט גערעכטיקייט,
ער וועט דַן זיין די פעלקער מיט יושר.
10 און גאָט וועט זיין אַ פעסטונג דעם געדריקטן,

מִשְׂגָּב לַדָּךְ מִשְׂגָּב לְעִתּוֹת בַּצָּרָה׃ וְיִבְטְחוּ בְךָ יוֹדְעֵי יא
שְׁמֶךָ כִּי לֹא־עָזַבְתָּ דֹרְשֶׁיךָ יְהוָה׃ זַמְּרוּ לַיהוָה יֹשֵׁב צִיּוֹן יב
הַגִּידוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו׃ כִּי־דֹרֵשׁ דָּמִים אוֹתָם זָכָר לֹא־ יג
שָׁכַח צַעֲקַת עֲנִיִּים׃ חָנְנֵנִי יְהוָה ׀ רְאֵה עָנְיִי מִשֹּׂנְאָי מְרוֹמְמִי יד
מִשַּׁעֲרֵי־מָוֶת׃ לְמַעַן אֲסַפְּרָה כָּל־תְּהִלָּתֶיךָ בְּשַׁעֲרֵי בַת־ טו
צִיּוֹן אָגִילָה בִּישׁוּעָתֶךָ׃ טָבְעוּ גוֹיִם בְּשַׁחַת עָשׂוּ בְּרֶשֶׁת־ טז
זוּ טָמָנוּ נִלְכְּדָה רַגְלָם׃ נוֹדַע ׀ יְהוָה מִשְׁפָּט עָשָׂה בְּפֹעַל יז
כַּפָּיו נוֹקֵשׁ רָשָׁע הִגָּיוֹן סֶלָה׃ יָשׁוּבוּ רְשָׁעִים לִשְׁאוֹלָה יח
כָּל־גּוֹיִם שְׁכֵחֵי אֱלֹהִים׃ כִּי לֹא לָנֶצַח יִשָּׁכַח אֶבְיוֹן תִּקְוַת יט
עֲנָוִים תֹּאבַד לָעַד׃ קוּמָה יְהוָה אַל־יָעֹז אֱנוֹשׁ יִשָּׁפְטוּ כ
גוֹיִם עַל־פָּנֶיךָ׃ שִׁיתָה יְהוָה ׀ מוֹרָה לָהֶם יֵדְעוּ גוֹיִם כא
אֱנוֹשׁ הֵמָּה סֶּלָה׃

## י

לָמָה יְהוָה תַּעֲמֹד בְּרָחוֹק תַּעְלִים לְעִתּוֹת בַּצָּרָה׃ בְּגַאֲוַת א ב
רָשָׁע יִדְלַק עָנִי יִתָּפְשׂוּ ׀ בִּמְזִמּוֹת זוּ חָשָׁבוּ׃ כִּי־הִלֵּל ג
רָשָׁע עַל־תַּאֲוַת נַפְשׁוֹ וּבֹצֵעַ בֵּרֵךְ נִאֵץ ׀ יְהוָה׃ רָשָׁע ד
כְּגֹבַהּ אַפּוֹ בַּל־יִדְרֹשׁ אֵין אֱלֹהִים כָּל־מְזִמּוֹתָיו׃ יָחִילוּ ה
דְרָכוֹ ׀ בְּכָל־עֵת מָרוֹם מִשְׁפָּטֶיךָ מִנֶּגְדּוֹ כָּל־צוֹרְרָיו יָפִיחַ
בָּהֶם׃ אָמַר בְּלִבּוֹ בַּל־אֶמּוֹט לְדֹר וָדֹר אֲשֶׁר לֹא־בְרָע׃ ו
אָלָה ׀ פִּיהוּ מָלֵא וּמִרְמוֹת וָתֹךְ תַּחַת לְשׁוֹנוֹ עָמָל וָאָוֶן׃ ז
יֵשֵׁב ׀ בְּמַאְרַב חֲצֵרִים בַּמִּסְתָּרִים יַהֲרֹג נָקִי עֵינָיו לְחֵלְכָה ח
יִצְפֹּנוּ׃ יֶאֱרֹב בַּמִּסְתָּר ׀ כְּאַרְיֵה בְסֻכֹּה יֶאֱרֹב לַחֲטוֹף עָנִי ט
יַחְטֹף עָנִי בְּמָשְׁכוֹ בְרִשְׁתּוֹ׃ וְדָכָה יָשֹׁחַ וְנָפַל בַּעֲצוּמָיו י
חֵלְכָּאִים׃ אָמַר בְּלִבּוֹ שָׁכַח אֵל הִסְתִּיר פָּנָיו בַּל־רָאָה יא
לָנֶצַח׃ קוּמָה יְהוָה אֵל נְשָׂא יָדֶךָ אַל־תִּשְׁכַּח עֲנָוִים׃ יב
עַל־מֶה ׀ נִאֵץ רָשָׁע ׀ אֱלֹהִים אָמַר בְּלִבּוֹ לֹא תִּדְרֹשׁ׃ יג
רָאִתָה כִּי־אַתָּה ׀ עָמָל וָכַעַס ׀ תַּבִּיט לָתֵת בְּיָדֶךָ עָלֶיךָ יד

---

ט, יג׳ ענוים קרי   יד׳ ס״א חָנְנֵנִי   יט׳ עניים קרי   כא׳ ה׳ במקום א
י, ה׳ דרכיו ק׳   י׳ ידכה קרי   חל כאים קרי   יב׳ ענוים קרי

---

אַ פעסטונג אין צייטן פון נויט.
11 און פאַרזיכערן וועלן זיך אויף דיר די וואָס קענען
דיין נאָמען,
וואָרום דו פאַרלאָזט ניט די וואָס זוכן דיך, גאָט.

12 זינגט צו גאָט, באַוווינער פון צִיון,
דערציילט צווישן די פעלקער זיינע מעשׂים.
13 וואָרום דער אויפמאָנער פון בלוט געדענקט זיי,
ער פאַרגעסט ניט דאָס געשריי פון די פאַרליטענע.

14 לייטזעליק מיך, גאָט,
זע מיין פּיין פון מיינע פיינט,
מיין דערהייבער פון די טויערן פון טויט;
15 כדי איך זאָל דערציילן אַל דיין לויב,
אין די טויערן פון טאָכטער צִיון מיך פרייען מיט דיין
הילף.

16 אַיינגעזונקען זיינען די פעלקער,
אין דער גרוב וואָס זיי האָבן געמאַכט,
אין דער נעץ וואָס זיי האָבן באַהאַלטן
איז באַצווונגען זייער פוס.
17 גאָט איז באַוווּסט געוואָרן,
ער האָט אַ משפט געטאָן–
אין דעם ווערק פון זיינע הענט
איז געשטרויכלט געוואָרן דער רשע. הִגָּיון. סֶלָה.

18 די רשעים וועלן אָנקומען אין אונטערערד–
אַלע פעלקער וואָס פאַרגעסן אָן גאָט.
19 וואָרום ניט שטענדיק וועט פאַרגעסן זיין דער אביון,
די האָפענונג פון די אָרימע וועט ניט פאַרלאָרן זיין
אויף אייביק.
20 שטיי אויף, גאָט, זאָל דער מענטש ניט פאַרשייט זיין,
זאָלן געמשפּט ווערן די פעלקער פאַר דיר.
21 טו, גאָט, אַ מורא אויף זיי;
זאָלן וויסן די פעלקער אַז זיי זיינען נאָר מענטשן. סֶלָה.

## י

1 פאַרוואָס, גאָט, שטייסטו פון דער ווייטן,
פאַרהוילסטו זיך אין צייטן פון נויט?
2 מיט גאווה פון רשע יאָגט מען דעם אָרימאַן;
זאָלן זיי געכאַפּט ווערן אין די פּלענער וואָס זיי האָבן
אויסגעקלערט!
3 וואָרום דער רשע פּראָלט אין דער תּאווה פון זיין זעל,
און דער גייציקער רימט זיך: ער שפּאָט פון גאָט.
4 דער רשע [זאָגט] אין דעם שטאָלץ פון זיין פּנים: מע
מאָנט ניט;
„ניטאָ קיין גאָט”, זיינען אַלע זיינע טראַכטונגען.
5 זיינע וועגן באַגליקן צו יעטוועדער צייט,
ווייט איבער אים זיינען דיינע משפּטים;
אַלע זיינע פיינט–ער בלאָזט אויף זיי.
6 ער זאָגט אין זיין האַרצן: איך וועל ניט אומפאַלן,
אויף דור־דורות ניט זיין אין קיין בייז.
7 מיט קללות איז פול זיין מויל, און מיט באַטרוג און
דריקונג,
אונטער זיין צונג איז אומרעכט און פאַרברעכן.
8 ער זיצט אין לויער פון די געהעפטן,
אין פאַרבאָרגענישן הרגעט ער דעם אומשולדיקן;
זיינע אויגן לאָקערן אויפן אומגליקלעכן.
9 ער לויערט אין פאַרבאָרגעניש ווי אַ לייב אין זיין צודעק,
ער לויערט צו כאַפּן דעם אָרימאַן;
ער כאַפּט דעם אָרימאַן, אַז ער ציט אים אין זיין נעץ.
10 ער דריקט זיך, ער בייגט זיך,
ביז די אומגליקלעכע פאַלן אין זיינע קלויען.
11 ער זאָגט אין זיין האַרצן: פאַרגעסן האָט גאָט;
ער האָט פאַרבאָרגן זיין פּנים, ער וועט אויף אייביק ניט
זען.

12 שטיי אויף יהוה, גאָט, הייב אויף דיין האַנט,
זאָלסט ניט פאַרגעסן די געדריקטע.
13 פאַרוואָס לעסטערט דער רשע גאָט,
זאָגט אין זיין האַרצן: דו מאָנסט ניט?
14 דו האָסט געזען; וואָרום דו קוקסט צו לייד און קומער,
כדי זיי צו פאַרגלעטן מיט דיין האַנט.

אויף דיר פאַרלאָזט זיך דער אומגליקלעכער,
דעם עלנדן ביסט דו געווען אַ העלפער.
[15] צעברעך דעם אָרעם פון דעם רשע,
און ביים שלעכטן זאָלסטו זוכן זיין בייז
ביז וועסט מער ניט געפינען.
[16] גאָט איז אַ מלך אייביק און שטענדיק,
די פעלקער גייען אונטער פון זיין לאַנד.
[17] דאָס קרעכצן פון די פאַרליטענע האָסטו צוגעהערט, גאָט;
פעסטיקסט זייער האַרץ, נייגסט צו דיין אויער;
[18] צו טאָן רעכט דעם יתום און דעם געדריקטן;
אַז קיין מענטש פון דער ערד זאָל מער ניט שרעקן.

## יא

[1] פאַר דעם געזאַנגמייסטער, פון דודן.
אין גאָט טו איך מיך שיצן;
ווי קענט איר זאָגן צו מיין זעל:
„אַנטלויף! צו אַייער באַרג, איר פויגלען?"
[2] וואָרום זע, די רשעים שפּאַנען דעם בויגן,
זיי האָבן אָנגעשטעלט זייער פייל אויפן שטריקל,
צו שיסן אין דער פינצטער די רעכטפאַרטיקע הערצער
[3] אַז די גרונטזיילן ווערן צעשטערט,
דער צדיק וואָס האָט אויפגעטאָן?

[4] גאָט איז אין זיין הייליקן טעמפּל,
גאָט–זיין טראָן איז אין הימל;
זיינע אויגן זעען,
זיינע ברעמען פּרוּוון די מענטשנקינדער.
[5] גאָט פּרוּווט דעם צדיק און דעם רשע,
און דעם וואָס האָט ליב רויב, האָט פיינט זיין זעל.
[6] ער וועט מאַכן רעגענען אויף די רשעים
קוילן, פייער, און שוועבל;
און אַ ברענעדיקער ווינט
איז זייער צוגעטיילטער כּוס.
[7] וואָרום גערעכט איז גאָט, גערעכטיקייט האָט ער ליב;
די רעכטפאַרטיקע וועלן זען זיין פּנים.

## יב

[1] פאַר דעם געזאַנגמייסטער, אויף שמינית; אַ מִזמור פון דודן.
[2] העלף, גאָט, וואָרום געענדיקט האָבן זיך די פרומע,
וואָרום אויסגעגאַנגען זיינען די געטרייע פון די מענטשנקינדער.
[3] פאַלש רעדן זיי איינער מיטן אַנדערן,
מיט אַ גלאַטער ליפּ, מיט אַ צווייאיקן האַרצן רעדן זיי.

[4] גאָט זאָל פאַרשניידן אַלע גלאַטע ליפּן,
די צונג וואָס רעדט גרויס!
[5] די וואָס זאָגן: מיט אונדזער צונג זיינען מיר שטאַרק,
אונדזערע ליפּן זיינען מיט אונדז, ווער איז אונדז אַ האַר?

[6] פון וועגן דער באַרויבונג פון די אָרימע,

טו יַעֲזֹב חֵלְכָה יָתוֹם אַתָּה ׀ הָיִיתָ עוֹזֵר׃ שְׁבֹר זְרוֹעַ רָשָׁע
טז וָרָע תִּדְרוֹשׁ־רִשְׁעוֹ בַל־תִּמְצָא׃ יְהוָה מֶלֶךְ עוֹלָם וָעֶד
יז אָבְדוּ גוֹיִם מֵאַרְצוֹ׃ תַּאֲוַת עֲנָוִים שָׁמַעְתָּ יְהוָה תָּכִין לִבָּם
יח תַּקְשִׁיב אָזְנֶךָ׃ לִשְׁפֹּט יָתוֹם וָדָךְ בַּל־יוֹסִיף עוֹד לַעֲרֹץ
אֱנוֹשׁ מִן־הָאָרֶץ׃

יא

א לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד בַּיהוָה ׀ חָסִיתִי אֵיךְ תֹּאמְרוּ לְנַפְשִׁי נוּדוּ
ב הַרְכֶם צִפּוֹר׃ כִּי הִנֵּה הָרְשָׁעִים יִדְרְכוּן קֶשֶׁת כּוֹנְנוּ חִצָּם
ג עַל־יֶתֶר לִירוֹת בְּמוֹ־אֹפֶל לְיִשְׁרֵי־לֵב׃ כִּי הַשָּׁתוֹת יֵהָרֵסוּן
ד צַדִּיק מַה־פָּעָל׃ יְהוָה ׀ בְּהֵיכַל קָדְשׁוֹ יְהוָה בַּשָּׁמַיִם
ה כִּסְאוֹ עֵינָיו יֶחֱזוּ עַפְעַפָּיו יִבְחֲנוּ בְּנֵי אָדָם׃ יְהוָה צַדִּיק
ו יִבְחָן וְרָשָׁע וְאֹהֵב חָמָס שָׂנְאָה נַפְשׁוֹ׃ יַמְטֵר עַל־רְשָׁעִים
ז פַּחִים אֵשׁ וְגָפְרִית וְרוּחַ זִלְעָפוֹת מְנָת כּוֹסָם׃ כִּי־צַדִּיק
יְהוָה צְדָקוֹת אָהֵב יָשָׁר יֶחֱזוּ פָנֵימוֹ׃

יב

א ב לַמְנַצֵּחַ עַל־הַשְּׁמִינִית מִזְמוֹר לְדָוִד׃ הוֹשִׁיעָה יְהוָה כִּי־
ג גָמַר חָסִיד כִּי־פַסּוּ אֱמוּנִים מִבְּנֵי אָדָם׃ שָׁוְא ׀ יְדַבְּרוּ
ד אִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ שְׂפַת חֲלָקוֹת בְּלֵב וָלֵב יְדַבֵּרוּ׃ יַכְרֵת
ה יְהוָה כָּל־שִׂפְתֵי חֲלָקוֹת לָשׁוֹן מְדַבֶּרֶת גְּדֹלוֹת׃ אֲשֶׁר
ו אָמְרוּ ׀ לִלְשֹׁנֵנוּ נַגְבִּיר שְׂפָתֵינוּ אִתָּנוּ מִי אָדוֹן לָנוּ׃ מִשֹּׁד
עֲנִיִּים מֵאַנְקַת אֶבְיוֹנִים עַתָּה אָקוּם יֹאמַר יְהוָה אָשִׁית בְּיֵשַׁע
ז יָפִיחַ לוֹ׃ אִמֲרוֹת יְהוָה אֲמָרוֹת טְהֹרוֹת כֶּסֶף צָרוּף
ח בַּעֲלִיל לָאָרֶץ מְזֻקָּק שִׁבְעָתָיִם׃ אַתָּה־יְהוָה תִּשְׁמְרֵם תִּצְּרֶנּוּ ׀
ט מִן־הַדּוֹר זוּ לְעוֹלָם׃ סָבִיב רְשָׁעִים יִתְהַלָּכוּן כֻּרֻם זֻלּוּת
לִבְנֵי אָדָם׃

יג

א ב לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ עַד־אָנָה יְהוָה תִּשְׁכָּחֵנִי נֶצַח עַד־

---

יא, א׳ נודו קרי

פון וועגן דעם קרעכצן פון די באַדערפטיקע,
אַצונד וועל איך אויפשטיין,
זאָגט גאָט;
איך וועל באַשערן מיט הילף
דעם וואָס מע בלאָזט אויף אים.

[7] די ווערטער פון גאָט זיינען ריינע ווערטער,
זילבער געשמאָלצן אין אַ טיגל אויף דער ערד,
זיבן מאָל געלייטערט.

[8] דו גאָט וועסט זיי היטן,
וועסט זיי אייביק באַהיטן פון דאָזיקן דור.
[9] אומעטום גייען אום די רשעים,
ווען געמיינקייט ווערט דערהויבן ביי די מענטשנקינדער.

## יג

[1] פאַר דעם געזאַנגמייסטער; אַ מִזמור פון דודן.
[2] ביז וואַנען, גאָט, וועסטו מיך תּמיד פאַרגעסן?

ג אָנָה׀ תַּסְתִּיר אֶת־פָּנֶיךָ מִמֶּנִּי׃ עַד־אָנָה אָשִׁית עֵצוֹת בְּנַפְשִׁי
ד יָגוֹן בִּלְבָבִי יוֹמָם עַד־אָנָה׀ יָרוּם אֹיְבִי עָלָי׃ הַבִּיטָה עֲנֵנִי
ה יְהוָה אֱלֹהָי הָאִירָה עֵינַי פֶּן־אִישַׁן הַמָּוֶת׃ פֶּן־יֹאמַר אֹיְבִי
ו יְכָלְתִּיו צָרַי יָגִילוּ כִּי אֶמּוֹט׃ וַאֲנִי׀ בְּחַסְדְּךָ בָטַחְתִּי יָגֵל
לִבִּי בִּישׁוּעָתֶךָ אָשִׁירָה לַיהוָה כִּי גָמַל עָלָי׃

יד

א לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד אָמַר נָבָל בְּלִבּוֹ אֵין אֱלֹהִים הִשְׁחִיתוּ
ב הִתְעִיבוּ עֲלִילָה אֵין עֹשֵׂה־טוֹב׃ יְהוָה מִשָּׁמַיִם הִשְׁקִיף
ג עַל־בְּנֵי־אָדָם לִרְאוֹת הֲיֵשׁ מַשְׂכִּיל דֹּרֵשׁ אֶת־אֱלֹהִים׃ הַכֹּל
ד סָר יַחְדָּו נֶאֱלָחוּ אֵין עֹשֵׂה־טוֹב אֵין גַּם אֶחָד׃ הֲלֹא יָדְעוּ
ה כָּל־פֹּעֲלֵי אָוֶן אֹכְלֵי עַמִּי אָכְלוּ לֶחֶם יְהוָה לֹא קָרָאוּ׃ שָׁם׀
ו פָּחֲדוּ פָחַד כִּי אֱלֹהִים בְּדוֹר צַדִּיק׃ עֲצַת־עָנִי תָבִישׁוּ כִּי
ז יְהוָה מַחְסֵהוּ׃ מִי־יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְהוָה
שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל׃

טו

א מִזְמוֹר לְדָוִד יְהוָה מִי־יָגוּר בְּאָהֳלֶךָ מִי־יִשְׁכֹּן בְּהַר קָדְשֶׁךָ׃
ב ג הוֹלֵךְ תָּמִים וּפֹעֵל צֶדֶק וְדֹבֵר אֱמֶת בִּלְבָבוֹ׃ לֹא־רָגַל׀
עַל־לְשֹׁנוֹ לֹא־עָשָׂה לְרֵעֵהוּ רָעָה וְחֶרְפָּה לֹא־נָשָׂא עַל־
ד קְרֹבוֹ׃ נִבְזֶה בְּעֵינָיו׀ נִמְאָס וְאֶת־יִרְאֵי יְהוָה יְכַבֵּד נִשְׁבַּע
ה לְהָרַע וְלֹא יָמִר׃ כַּסְפּוֹ׀ לֹא־נָתַן בְּנֶשֶׁךְ וְשֹׁחַד עַל־נָקִי לֹא־
לָקָח עֹשֵׂה אֵלֶּה לֹא יִמּוֹט לְעוֹלָם׃

טז

א ב מִכְתָּם לְדָוִד שָׁמְרֵנִי אֵל כִּי־חָסִיתִי בָךְ׃ אָמַרְתְּ לַיהוָה
ג אֲדֹנָי אָתָּה טוֹבָתִי בַּל־עָלֶיךָ׃ לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ הֵמָּה
ד וְאַדִּירֵי כָּל־חֶפְצִי־בָם׃ יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ בַּל־
אַסִּיךְ נִסְכֵּיהֶם מִדָּם וּבַל־אֶשָּׂא אֶת־שְׁמוֹתָם עַל־שְׂפָתָי׃
ה יְהוָה מְנָת־חֶלְקִי וְכוֹסִי אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי׃ חֲבָלִים נָפְלוּ־
ו ז לִי בַּנְּעִמִים אַף־נַחֲלָת שָׁפְרָה עָלָי׃ אֲבָרֵךְ אֶת־יְהוָה אֲשֶׁר

טו,ד׳ ס״א בעיניו נמאס וס״א נבזה ובעיניו

ביז וואַנען וועסטו פאַרבאָרגן דיין פּנים פון מיר?
3 ביז וואַנען וועל איך האַלטן עצות ביי זיך,
מיט קומער אין מיין האַרצן דורכן טאָג?
ביז וואַנען וועט מיין פיינט זיך דערהייבן אויף מיר?
4 קוק־צו, ענטפער מיר, יהוה מיין גאָט,
דערלייכט מיינע אויגן, איך זאָל ניט איינשלאָפן צום טויט;
5 מיין פיינט זאָל ניט זאָגן:
איך בין אים בייגעקומען;
מיינע שׂונאים זאָלן זיך ניט פרייען,
אַז איך וועל אומפאַלן.

6 אָבער איך פאַרזיכער מיך אויף דיין חסד;
מיין האַרץ וועט זיך פרייען מיט דיין הילף;
איך וועל זינגען צו גאָט,
וואָס ער האָט מיר גוטס געטאָן.

## יד

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; פון דודן.
דער נידערטרעכטיקער זאָגט אין זיין האַרצן: ניטאָ קיין גאָט!
פאַרדאָרבן זיינען זיי, אומווערדיק באַגייען זיי זיך,
קיינער טוט ניט קיין גוטס.
2 גאָט האָט פון הימל געלוגט אויף די מענטשנקינדער,
צו זען אויב פאַראַן אַ פאַרשטאַנדיקער וואָס זוכט גאָט.
3 איטלעכער איז אָפּגעקערט, אַלע זיינען זיי פאַרדאָרבן,
קיינער טוט ניט קיין גוטס, ניט צומאָל איינער.
4 פאַרוואָר, דערשפירן וועלן אַלע טוער פון אומרעכט,
די וואָס עסן מיין פאָלק ווי מע עסט ברויט,
די וואָס רופן ניט גאָט.

5 אָן אַנגסטן זיי אין אַנגסט,
וואָרום גאָט איז מיט דעם גערעכטן דור.
6 די טראַכטונג פון אָרימאַן מאַכט איר צו שאַנד,
אָבער גאָט איז זיין באַשיצונג.

7 ווען קומט פון ציון די ישועה פון ישׂראל!
ווען גאָט קערט אום די געפאַנגענשאַפט פון זיין פאָלק,
וועט לוסטיק זיין יעקב, וועט זיך פרייען ישׂראל.

## טו

1 אַ מִזמור פון דודן.
גאָט, ווער קען וווינען אין דיין געצעלט?
ווער קען רוען אויף דיין הייליקן באַרג?
2 דער וואָס גייט ערלעך און טוט גערעכטיקייט,
און רעדט אמת אין זיין האַרצן;
3 ניט געטראָגן קיין רכילות אויף זיין צונג,
ניט געטאָן זיין חבר קיין רעה,
און ניט פאַרליטן קיין שאַנד אויף זיין נאָענטן;
4 דער נִבזה איז פאַראַכט אין זיינע אויגן,
און די גאָטספאָרכטיקע גיט ער כּבוד;
ער האָט געשוואָרן זיך צום בייזן, און ענדערט ניט;
5 זיין געלט האָט ער ניט געגעבן אויף ציגזן,
און שוחד קעגן אַן אומשולדיקן ניט גענומען;
דער וואָס טוט דאָס וועט קיינמאָל ניט אומפאַלן.

## טז

1 אַ מִכתָּם פון דודן.
באַהיט מיך, גאָט,
וואָרום איך האָב מיך באַשיצט אין דיר.
2 האָסט געזאָגט[א] צו גאָט: מיין האַר ביסטו,
מיין גוטס איז בלויז ביי דיר.
3 די הייליקע וואָס זיינען אויף דער ערד,
זיי זיינען די פירשטן וואָס אַל מיין באַגער איז צו זיי.
4 זאָלן מערן זייערע געצן די וואָס אַיילן צו אַן אַנדערן;
איך וועל ניט גיסן זייערע גיסאָפּפער פון בלוט,
און ניט נעמען זייערע נעמען אויף מיינע ליפּן.
5 גאָט איז מיין באַשערטער טייל און מיין בעכער;
דו האַלטסט אויף מיין גורל.
6 חלקים זיינען מיר צוגעפאַלן ליבלעכע,
יאָ, אַ שיינע נחלה איז מיר אָנגעקומען.
7 איך לויב גאָט, וואָס ער האָט מיר געראָטן,

[א] אַ ווענדונג צו דער זעל.

ח יעצני אף־לילות יסרוני כליותי: שויתי יהוה לנגדי תמיד
ט כי מימיני בל־אמוט: לכן | שמח לבי ויגל כבודי אף־
י בשרי ישכן לבטח: כי | לא־תעזב נפשי לשאול לא־
יא תתן חסידך לראות שחת: תודיעני ארח חיים שבע
שמחות את־פניך נעמות בימינך נצח:

יז

א תפלה לדוד שמעה יהוה | צדק הקשיבה רנתי האזינה
ב תפלתי בלא שפתי מרמה: מלפניך משפטי יצא עיניך
ג תחזינה מישרים: בחנת לבי | פקדת לילה צרפתני בל־
ד תמצא זמתי בל־יעבר־פי: לפעלות אדם בדבר שפתיך
ה אני שמרתי ארחות פריץ: תמך אשרי במעגלותיך בל־
ו נמוטו פעמי: אני קראתיך כי־תענני אל הט־אזנך לי
ז שמע אמרתי: הפלה חסדיך מושיע חוסים ממתקוממים
ח בימינך: שמרני כאישון בת־עין בצל כנפיך תסתירני:
ט י מפני רשעים זו שדוני איבי בנפש יקיפו עלי: חלבמו
יא סגרו פימו דברו בגאות: אשרנו עתה סבבוני עיניהם
יב ישיתו לנטות בארץ: דמינו כאריה יכסוף לטרף וככפיר
יג ישב במסתרים: קומה יהוה קדמה פניו הכריעהו פלטה
יד נפשי מרשע חרבך: ממתים ידך | יהוה ממתים מחלד
חלקם בחיים וצפינך תמלא בטנם ישבעו בנים והניחו
טו יתרם לעולליהם: אני בצדק אחזה פניך אשבעה בהקיץ
תמונתך:

יח

א למנצח לעבד יהוה לדוד
אשר דבר | ליהוה את־דברי השירה הזאת
ביום | הציל־יהוה אותו מכף כל־איביו ומיד שאול:
ב ג ויאמר ארחמך יהוה חזקי: יהוה

---

טז, ז׳ יתיר י׳ יז, ז׳ שוא באתנח יא׳ סבבנו קרי יד׳ וצפונך קרי

יאָ, אין די נעכט האָבן מיך מיינע נירן געלערנט.
8 איך האַלט גאָט פאַר מיר תּמיד,
וואָרום אַז ער איז ביי מיין רעכטער האַנט, וועל איך ניט אומפאַלן.
9 דרום איז פריילעך מיין האַרץ, און לוסטיק מיין זעלא,
אויך מיין לייב רוט אין זיכערקייט.
10 וואָרום וועסט ניט איבערלאָזן מיין זעל צו דער אונטערערד,
וועסט ניט לאָזן דיין פרומען זען די גרוב.
11 וועסט מיך מאַכן וויסן דעם וועג פון לעבן;
אַ זעטיקייט פון פריידן איז פאַר דיין פּנים,
תּענוגים אין דיין רעכטער האַנט אייביק.

יז

1 אַ תּפילה פון דודן.
הער צו, גאָט, גערעכטיקייט,
האָרך צו מיין געשריי,
פאַרנעם מיין תּפילה פון ליפּן אָן פאַלשקייט.
2 פון פאַר דיר זאָל מיין משפּט אַרויסגיין,
דיינע אויגן זאָלן זען די ריכטיקייט.
3 האָסט געפּרווט מיין האַרץ,
האָסט נאָכגעזוכט ביי נאַכט,
האָסט מיך געלייטערט, און ניט געפונען
איך זאָל טראַכטן וואָס דאַרף ניט אַריבער מיין מויל.
4 אין מעשׂים פון מענטשן,
האָב איך, לויטן וואָרט פון דיינע ליפּן,
מיך געהיט פון די וועגן פון דעם פאַרשייטן.
5 מיינע טריט האָבן זיך געהאַלטן אָן דיינע שטעגן,
ניט אויסגעגליטשט האָבן זיך מיינע פיס.

6 איך האָב דיך גערופן, וואָרום דו וועסט מיר ענטפערן, גאָט;
נייג דיין אויער צו מיר, הער צו מיין וואָרט.
7 מאַך ווונדערלעך דיינע חסדים, דו וואָס העלפסט
די וואָס שיצן זיך פון אָנפאַלער אין דיין רעכטער האַנט.
8 היט מיך ווי אַ שוואַרצאַפּל פון אויג,
אין שאָטן פון דיינע פליגלען זאָלסטו מיך פאַרבאָרגן
9 פון די רשעים וואָס באַרויבן מיך,
מיינע שׂונאים אום לעבן וואָס רינגלען מיך אַרום.
10 זייער פעט האַרץ האָבן זיי פאַרשלאָסן,
מיט זייער מויל רעדן זיי האָפערדיק.
11 איצט אונדזער טריט האָבן זיי אַצונד אונדז אַרומגערינגלט,
זייערע אויגן שטעלן זיי אָן [אונדז] צו נייגן צו דער ערד.
12 ער איז געגליכן צו אַ לייב וואָס גלוסט צו פאַרצוקן,
און צו אַ יונגלייב וואָס זיצט אין פאַרבאָרגענישן.

13 שטיי אויף, גאָט, גיי אים אַקעגן, וואַרף אים אַנידער,
מאַך אַנטרינען מיין זעל פון דעם רשע מיט דיין שווערד,
14 פון מענטשן, גאָט, מיט דיין האַנט—
פון מענטשן פון דער וועלט, וואָס זייער חלק איז ביים לעבן,
און מיט דיין שאַץ פילסטו אָן זייער בויך;
זאַט זיינען זייערע קינדער,
און זיי לאָזן זייער שפע צו זייערע יונגע.
15 איך אָבער וועל זען דיין פּנים אין גערעכטיקייט,
איך וועל מיך זעטן אויפן וואַך מיט דיין געשטאַלט.

יח

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; פון דעם קנעכט פון גאָט, פון דודן, וואָס האָט גערעדט צו גאָט די ווערטער פון דעמדאָזיקן געזאַנג אין דעם טאָג וואָס גאָט האָט אים מציל געווען פון דער האַנט פון אַלע זיינע פיינט, און פון דער מאַכט פון שאָולן. 2 און ער האָט געזאָגט:
איך האָב דיך ליב, יהוה מיין שטאַרקייט;

א אין טעקסט: כּבודי, מיין כּבוד.

סַלְעִי וּמְצוּדָתִי וּמְפַלְטִי אֵלִי צוּרִי אֶחֱסֶה־
בּוֹ מָגִנִּי וְקֶרֶן יִשְׁעִי מִשְׂגַּבִּי׃ מְהֻלָּל ד
אֶקְרָא יְהוָה וּמִן־אֹיְבַי אִוָּשֵׁעַ׃ אֲפָפוּנִי חֶבְלֵי־ ה
מָוֶת וְנַחֲלֵי בְלִיַּעַל יְבַעֲתוּנִי׃ חֶבְלֵי ו
שְׁאוֹל סְבָבוּנִי קִדְּמוּנִי מוֹקְשֵׁי
מָוֶת׃ בַּצַּר־לִי ׀ אֶקְרָא יְהוָה וְאֶל־ ז
אֱלֹהַי אֲשַׁוֵּעַ יִשְׁמַע מֵהֵיכָלוֹ
קוֹלִי וְשַׁוְעָתִי לְפָנָיו ׀ תָּבוֹא בְאָזְנָיו׃ וַתִּגְעַשׁ ח
וַתִּרְעַשׁ ׀ הָאָרֶץ וּמוֹסְדֵי הָרִים
יִרְגָּזוּ וַיִּתְגָּעֲשׁוּ כִּי חָרָה לוֹ׃ עָלָה ט
עָשָׁן ׀ בְּאַפּוֹ וְאֵשׁ מִפִּיו
תֹּאכֵל גֶּחָלִים בָּעֲרוּ מִמֶּנּוּ׃ וַיֵּט י
שָׁמַיִם וַיֵּרַד וַעֲרָפֶל תַּחַת
רַגְלָיו׃ וַיִּרְכַּב עַל־כְּרוּב וַיָּעֹף וַיֵּדֶא יא
עַל־כַּנְפֵי־רוּחַ׃ יָשֶׁת חֹשֶׁךְ ׀ סִתְרוֹ סְבִיבוֹתָיו יב
סֻכָּתוֹ חֶשְׁכַת־מַיִם עָבֵי שְׁחָקִים׃ מִגֹּגַהּ יג
נֶגְדּוֹ עָבָיו עָבְרוּ בָּרָד וְגַחֲלֵי־
אֵשׁ׃ וַיַּרְעֵם בַּשָּׁמַיִם ׀ יְהוָה וְעֶלְיוֹן יד
יִתֵּן קֹלוֹ בָּרָד וְגַחֲלֵי־
אֵשׁ׃ וַיִּשְׁלַח חִצָּיו וַיְפִיצֵם וּבְרָקִים טו
רָב וַיְהֻמֵּם׃ וַיֵּרָאוּ ׀ אֲפִיקֵי טז
מַיִם וַיִּגָּלוּ מוֹסְדוֹת תֵּבֵל מִגַּעֲרָתְךָ
יְהוָה מִנִּשְׁמַת רוּחַ אַפֶּךָ׃ יִשְׁלַח מִמָּרוֹם יז
יִקָּחֵנִי יַמְשֵׁנִי מִמַּיִם רַבִּים׃ יַצִּילֵנִי יח
מֵאֹיְבִי עָז וּמִשֹּׂנְאַי כִּי־אָמְצוּ
מִמֶּנִּי׃ יְקַדְּמוּנִי בְיוֹם אֵידִי וַיְהִי יט
יְהוָה לְמִשְׁעָן לִי׃ וַיּוֹצִיאֵנִי לַמֶּרְחָב כ

3 גאָט איז מיין פעלז און מיין פעסטונג,
און דער וואָס מאַכט מיך אַנטרינען.
מיין גאָט איז מיין פעלז וואָס איך שיץ מיך אין אים,
מיין שילד און דער האָרן פון מיין הילף, מיין טורעם.
4 איך רוף: געלויבט איז יהוה!
און פון מיינע פיינט ווער איך געהאָלפן.

5 אַרומגערינגלט האָבן מיך שטריק פון טויט,
און טייכן פון אונטערגאַנג האָבן מיך געשראָקן.
6 שטריק פון אונטערערד האָבן מיך אַרומגעקניפּט,
אַקעגנגעקומען זיינען מיר נעצן פון טויט.
7 האָב איך אין מיין נויט גערופן צו יהוה,
און צו מיין גאָט האָב איך געשריען;
האָט ער געהערט פון זיין טעמפּל מיין קול,
און מיין געשריי פאַר אים איז געקומען אין זיינע אויערן.
8 און געשאָקלט און געוואַקלט האָט זיך די ערד,
און די גרונטפעסטן פון די בערג האָבן געציטערט;
זיך געשאָקלט, ווייל ער האָט געצערנט.
9 אַ רויך איז אויפגעגאַנגען אין זיין נאָז,
און פון זיין מויל האָט אַ פייער פאַרצערט;
קוילן האָבן געברענט פון אים.
10 און ער האָט גענייגט דעם הימל און גענידערט,
מיט אַ נעבל אונטער זיינע פיס.
11 און ער איז געריטן אויף אַ כּרוב און געפלויגן,
און געשוועבט אויף פליגלען פון ווינט.

12 ער האָט געמאַכט פינצטערניש זיין באַהעלטעניש,
זיין ביידל אַרום אים—
אַ חושך פון וואַסערן, וואָלקנס געדיכטע.
13 פון דעם שימער פאַר אים זיינען זיינע וואָלקנס
צעגאַנגען[א]
אין האָגל און פייערקוילן.
14 און געדונערט אין הימל האָט גאָט,
און דער העכסטער האָט אַרויסגעלאָזט זיין קול,
מיט האָגל און פייערקוילן.
15 און ער האָט אַרויסגעשיקט זיינע פיילן און זיי
צעשפּרייט,
און בליצן געשאָסן, און זיי פאַרטומלט.
16 און די גראָבנס פון וואַסערן האָבן זיך באַוויזן,
און די גרונטפעסטן פון דער וועלט זיינען אַנטפּלעקט
געוואָרן,
פון דיין אָנגעשריי, גאָט,
פון דעם אָטעמבלאָז פון דיין נאָז.

17 ער האָט אויסגעשטרעקט פון דער הייך און מיך גענומען,
מיך אַרויסגעצויגן פון מיין וואַסערן גרויסע.
18 ער האָט מיך מציל געווען פון מיין מאַכטיקן פיינט,
און פון מיינע שׂונאים, ווען זיי זיינען געווען שטאַרקער
פון מיר.
19 זיי זיינען מיר אַקעגנגעקומען אין טאָג פון מיין בראָך,
אָבער גאָט איז מיר צום אָנלען געווען.
20 און ער האָט מיך אַרויסגעפירט אין דערברייטערניש,

[א] וואָרטשפּיל: מִנֹּגַהּ נֶגְדּוֹ עָבָיו עָבְרוּ.

מיך אַרויסגעצויגן, ווייל ער האָט מיך באַגערט.
21 גאָט האָט מיר פאַרגאָלטן לויט מיין גערעכטיקייט,
לויט דער ריינקייט פון מיינע הענט האָט ער מיר
אומגעקערט.
22 וואָרום איך האָב געהיט די וועגן פון יהוה,
און ניט פאַרבראָכן אַקעגן מיין גאָט.
23 וואָרום אַלע זיינע געזעצן זיינען פאַר מיר,
און זיינע חוקים טו איך ניט אָפּ פון מיר.
24 און איך בין געווען צו אים גאַנץ,
און האָב מיך געהיט פון מיין זינדיקייט.
25 דרום האָט מיר גאָט אומגעקערט לויט מיין
גערעכטיקייט,
לויט דער ריינקייט פון מיינע הענט פאַר זיינע אויגן.

26 מיט דעם גענאָדיקן ווייזטו זיך גענאָדיק,
מיט דעם ערלעכן מאַן ווייזטו זיך ערלעך.
27 מיט דעם ריינעם ווייזטו זיך ריין,
און מיט דעם קרומען ווייזטו זיך פאַרדרייט.
28 וואָרום דאָס אָרימע פאָלק טוסטו העלפן,
און הויכע אויגן דערנידערסטו.
29 וואָרום דו מאַכסט לייכטן מיין ליכט;
יהוה מיין גאָט באַשיינט מיין פינצטערניש.
30 וואָרום מיט דיר לויף איך קעגן אַ מחנה,
און מיט מיין גאָט שפּרינג איך אַ מויער אַריבער.
31 גאָט–זיין וועג איז גאַנץ;
דאָס וואָרט פון יהוה איז געלייטערט;
ער איז אַ שילד פאַר אַלע וואָס שיצן זיך אין אים.

32 וואָרום ווער איז גאָט אויסער יהוה?
און ווער אַ פעלז אַחוץ אונדזער גאָט?
33 דער גאָט וואָס באַגורט מיך מיט שטאַרקייט,
און מאַכט גלייך מיין וועג.
34 ער מאַכט מיינע פיס גלייך ווי די הינדן,
און אויף מיינע הייכן טוט ער מיך שטעלן.
35 ער לערנט מיינע הענט צו מלחמה,
און אַ קופּערנעם בויגן בייגן אַראָפּ מיינע אָרעמס.

כא יְחַלְּצֵנִי כִּי חָפֵץ בִּי׃ יִגְמְלֵנִי
יְהוָה כְּצִדְקִי כְּבֹר יָדַי יָשִׁיב
כב לִי׃ כִּי־שָׁמַרְתִּי דַּרְכֵי יְהוָה וְלֹא־
כג רָשַׁעְתִּי מֵאֱלֹהָי׃ כִּי כָל־מִשְׁפָּטָיו
כד לְנֶגְדִּי וְחֻקֹּתָיו לֹא־אָסִיר מֶנִּי׃ וָאֱהִי
כה תָמִים עִמּוֹ וָאֶשְׁתַּמֵּר מֵעֲוֺנִי׃ וַיָּשֶׁב־יְהוָה לִי
כו כְצִדְקִי כְּבֹר יָדַי לְנֶגֶד עֵינָיו׃ עִם־
חָסִיד תִּתְחַסָּד עִם־גְּבַר תָּמִים
כז תִּתַּמָּם׃ עִם־נָבָר תִּתְבָּרָר וְעִם־
כח עִקֵּשׁ תִּתְפַּתָּל׃ כִּי־אַתָּה עַם־עָנִי
כט תוֹשִׁיעַ וְעֵינַיִם רָמוֹת תַּשְׁפִּיל׃ כִּי־
אַתָּה תָּאִיר נֵרִי יְהוָה אֱלֹהַי יַגִּיהַּ
ל חָשְׁכִּי׃ כִּי־בְךָ אָרֻץ גְּדוּד וּבֵאלֹהַי
לא אֲדַלֶּג־שׁוּר׃ הָאֵל תָּמִים
דַּרְכּוֹ אִמְרַת יְהוָה צְרוּפָה מָגֵן
לב הוּא לְכֹל ׀ הַחֹסִים בּוֹ׃ כִּי מִי אֱלוֹהַּ מִבַּלְעֲדֵי
לג יְהוָה וּמִי־צוּר זוּלָתִי אֱלֹהֵינוּ׃ הָאֵל
הַמְאַזְּרֵנִי חָיִל וַיִּתֵּן תָּמִים
לד דַּרְכִּי׃ מְשַׁוֶּה רַגְלַי כָּאַיָּלוֹת וְעַל
לה בָּמֹתַי יַעֲמִידֵנִי׃ מְלַמֵּד יָדַי
לו לַמִּלְחָמָה וְנִחֲתָה קֶשֶׁת־נְחוּשָׁה זְרוֹעֹתָי׃ וַתִּתֶּן־
לִי מָגֵן יִשְׁעֶךָ וִימִינְךָ תִסְעָדֵנִי וְעַנְוַתְךָ
לז תַרְבֵּנִי׃ תַּרְחִיב צַעֲדִי תַחְתָּי וְלֹא
לח מָעֲדוּ קַרְסֻלָּי׃ אֶרְדּוֹף אוֹיְבַי
לט וְאַשִּׂיגֵם וְלֹא־אָשׁוּב עַד־כַּלּוֹתָם׃ אֶמְחָצֵם
וְלֹא־יֻכְלוּ קוּם יִפְּלוּ תַּחַת
מ רַגְלָי׃ וַתְּאַזְּרֵנִי חַיִל לַמִּלְחָמָה תַּכְרִיעַ
מא קָמַי תַּחְתָּי׃ וְאֹיְבַי נָתַתָּה לִּי

36 און האָסט מיר געגעבן דעם שילד פון דיין הילף,
און דיין רעכטע האַנט לענט מיך אונטער,
און דיין מילדקייט טוט מיך גרייסן.
37 האָסט דערברייטערט מיין טריט אונטער מיר,
און ניט אויסגעגליטשט האָבן זיך מיינע קנעכלעך.
38 איך האָב געיאָגט מיינע פיינט און זיי דערגרייכט,
און זיך ניט אומגעקערט ביז איך האָב זיי פאַרלענדט.
39 איך האָב זיי צעהאַקט, אַז זיי קענען ניט אויפשטיין;
זיי זיינען געפאַלן אונטער מיינע פיס.
40 און האָסט מיך באַגורט מיט שטאַרקייט פאַר מלחמה,
האָסט געבייגט מיינע קעגנשטייער אונטער מיר.
41 און מיינע פיינט האָסטו געמאַכט מיטן נאַקן צו מיר,

עֹרֶף וּמְשַׂנְאַי אַצְמִיתֵם׃ יְשַׁוְּעוּ מב
וְאֵין מוֹשִׁיעַ עַל־יְהוָה וְלֹא
עָנָם׃ וְאֶשְׁחָקֵם כְּעָפָר עַל־פְּנֵי־רוּחַ כְּטִיט מג
חוּצוֹת אֲרִיקֵם׃ תְּפַלְּטֵנִי מֵרִיבֵי מד
עָם תְּשִׂימֵנִי לְרֹאשׁ גּוֹיִם עַם
לֹא־יָדַעְתִּי יַעַבְדוּנִי׃ לְשֵׁמַע אֹזֶן יִשָּׁמְעוּ מה
לִי בְּנֵי־נֵכָר יְכַחֲשׁוּ־לִי׃ בְּנֵי־ מו
נֵכָר יִבֹּלוּ וְיַחְרְגוּ מִמִּסְגְּרוֹתֵיהֶם׃ חַי־יְהוָה וּבָרוּךְ מז
צוּרִי וְיָרוּם אֱלוֹהֵי יִשְׁעִי׃ הָאֵל מח
הַנּוֹתֵן נְקָמוֹת לִי וַיַּדְבֵּר עַמִּים
תַּחְתָּי׃ מְפַלְּטִי מֵאֹיְבָי אַף מִן־קָמַי תְּרוֹמְמֵנִי מֵאִישׁ מט
חָמָס תַּצִּילֵנִי׃ עַל־כֵּן ׀ אוֹדְךָ בַגּוֹיִם ׀ נ
יְהוָה וּלְשִׁמְךָ אֲזַמֵּרָה׃ מַגְדִּל˜ נא
יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ וְעֹשֶׂה חֶסֶד ׀
לִמְשִׁיחוֹ לְדָוִד וּלְזַרְעוֹ עַד־עוֹלָם׃

## יט

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד־אֵל א ב
וּמַעֲשֵׂה יָדָיו מַגִּיד הָרָקִיעַ׃ יוֹם לְיוֹם יַבִּיעַ אֹמֶר וְלַיְלָה ג
לְּלַיְלָה יְחַוֶּה־דָּעַת׃ אֵין אֹמֶר וְאֵין דְּבָרִים בְּלִי נִשְׁמָע ד
קוֹלָם׃ בְּכָל־הָאָרֶץ ׀ יָצָא קַוָּם וּבִקְצֵה תֵבֵל מִלֵּיהֶם לַשֶּׁמֶשׁ ה
שָׂם ׀ אֹהֶל בָּהֶם׃ וְהוּא כְּחָתָן יֹצֵא מֵחֻפָּתוֹ יָשִׂישׂ כְּגִבּוֹר ו
לָרוּץ אֹרַח׃ מִקְצֵה הַשָּׁמַיִם ׀ מוֹצָאוֹ וּתְקוּפָתוֹ עַל־קְצוֹתָם ז
וְאֵין נִסְתָּר מֵחַמָּתוֹ׃ תּוֹרַת יְהוָה תְּמִימָה מְשִׁיבַת נָפֶשׁ ח
עֵדוּת יְהוָה נֶאֱמָנָה מַחְכִּימַת פֶּתִי׃ פִּקּוּדֵי יְהוָה יְשָׁרִים ט
מְשַׂמְּחֵי־לֵב מִצְוַת יְהוָה בָּרָה מְאִירַת עֵינָיִם׃ יִרְאַת יְהוָה ׀ י
טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד מִשְׁפְּטֵי־יְהוָה אֱמֶת צָדְקוּ יַחְדָּו׃
הַנֶּחֱמָדִים מִזָּהָב וּמִפַּז רָב וּמְתוּקִים מִדְּבַשׁ וְנֹפֶת צוּפִים׃ יא

יח, מו׳ כלאו

און מיינע שׂונאים, זיי האָב איך פֿאַרשניטן.
42 זיי האָבן געשריען, און קיין העלפֿער איז ניט געווען,
צו גאָט—און ער האָט זיי ניט געענטפֿערט.
43 און איך האָב זיי צעריבן ווי שטויב פֿאַרן ווינט,
ווי גאַסנקויט זיי אַרויסגעוואָרפֿן.
44 האָסט מיך געמאַכט אַנטרינען פֿון די קריג פֿון פֿאָלק,
האָסט מיך געמאַכט פֿאַר דעם קאָפּ פֿון די אומות;
אַ פֿאָלק וואָס איך קען ניט טוט מיר דינען.
45 פֿון הערן מיטן אויער געהאָרכן זיי מיר;
די קינדער פֿון פֿרעמדן גייען איין פֿאַר מיר.
46 די קינדער פֿון דעם פֿרעמדן ווערן פֿאַרוועלקט,
און זיי קומען ציטערנדיק אַרויס פֿון זייערע
פֿעסטונגען.

47 עס לעבט יהוה, און געלויבט איז מיין פֿעלז,
און דערהויבן איז דער גאָט פֿון מיין הילף;
48 דער גאָט וואָס גיט מיר נקמות
און אונטערטעניקט די אומות אונטער מיר.
49 ער מאַכט מיך אַנטרינען פֿון מיינע פֿיינט;
יאָ, איבער מיינע קעגנשטייער דערהייבסטו מיך,
פֿון דעם רויבמענטשן ביסטו מיך מציל.
50 דרום לויב איך דיך, גאָט, צווישן די פֿעלקער,
און צו דיין נאָמען טו איך זינגען.
51 ער גרייסט די ישועות פֿון זיין מלך,
און ער טוט חסד מיט זיין געזאַלבטן,
מיט דודן און מיט זיין זאָמען ביז אייביק.

יט 1 פֿאַר דעם געזאַנגמייסטער; אַ מזמור פֿון דוִדן.
2 די הימלען דערציילן דעם כּבֿוד פֿון גאָט,
און די ווערק פֿון זיינע הענט זאָגט דער הימלוועלב
אָן.

3 אַ טאָג צו אַ טאָג רעדט אַ וואָרט,
און אַ נאַכט צו אַ נאַכט גיט צו וויסן.
4 ניטאָ אַ וואָרט און ניטאָ קיין געשעעניש,
וווּ זייער ווידער־קול ווערט ניט געהערט;
5 איבער דער גאַנצער ערד גייט אַרויס זייער קלאַנג,
און ביז עק וועלט זייערע רייד.
פֿאַר דער זון האָט ער געמאַכט אַ געצעלט אין זיי;
6 און ערא גייט אַרויס ווי אַ חתן פֿון זיין קאַמער.
ער פֿרייט זיך ווי אַ גיבור צו לויפֿן דעם וועג.
7 פֿון עק פֿון די הימלען איז זיין אויסגאַנג,
און זיין אַרומדריי איז ביז זייערע עקן,
און ניטאָ קיין פֿאַרבאָרגנס פֿון זיין היץ.

8 די תּורה פֿון גאָט איז גאַנץ,
זי דערקוויקט די זעל;
דער אָנזאָג פֿון גאָט איז זיכער,
ער מאַכט קלוג דעם נאַרן.
9 די באַפֿעלן פֿון גאָט זיינען רעכטפֿאַרטיק,
זיי דערפֿרייען דאָס האַרץ;
דאָס געבאָט פֿון גאָט איז לויטער,
עס מאַכט ליכטיק די אויגן.
10 די מורא פֿאַר גאָט איז ריין,
זי באַשטייט אויף אייביק;
די משפּטים פֿון גאָט זיינען אמת,
זיי זיינען אַלע גערעכט;
11 זיי זיינען גלוסטיקער פֿון גאָלד,
און פֿון גינגאָלד אַ סך,
און זיסער פֿון האָניק,
און טריפֿהאָניק.

א די זון-שֶׁמֶשׁ, מענלעך אין העברעאיש.

12 אויך דיין קנעכט ווערט געוואָרנט אין זיי;
אין היטן זיי איז גרויס שׂכר פֿאַראַן.
13 פֿאַרזעען ווער קען מערקן?
פֿון פֿאַרבאָרגענע טו מיך רייניקן.
14 אויך פֿאַרמייד דיין קנעכט פֿון מוטוויליקע,
זיי זאָלן ניט געוועלטיקן איבער מיר;
דענסמאָל וועל איך גאַנץ זיין,
און וועל ריין זיין פֿון פֿאַרברעך אַ סך.
15 זאָלן זיין צו באַווילִיקונג די ווערטער פֿון מיין מויל,
און די טראַכטונג פֿון מיין האַרצן פֿאַר דיר,
גאָט מיין פֿעלז, און מיין דערלייזער.

# כ

1 פֿאַר דעם געזאַנגמייסטער; אַ מִזמור פֿון דודן.
2 גאָט וועט דיר ענטפֿערן אין טאָג פֿון נויט,
דיך וועט שטאַרקן דער נאָמען פֿון דעם גאָט פֿון יעקב.
3 ער וועט שיקן דיין הילף פֿון הייליקטום,
און פֿון צִיון וועט ער דיך אונטערלענען.
4 ער וועט אַכטן אויף אַלע דיינע שפּייזאָפּפֿער,
און דאָס פֿעטס פֿון דיין בראַנדאָפּפֿער וועט ער
אָננעמען. סֶלָה.
5 ער וועט דיר געבן לויט דיין האַרצן,
און דיין יעטוועדער באַראָט וועט ער דערפֿילן.
6 מיר וועלן זינגען אין דיין ישועה,
און אין נאָמען פֿון אונדזער גאָט וועלן מיר אַ פֿאָן הייבן;
גאָט וועט דערפֿילן אַלע דיינע פֿאַרלאַנגען.

7 אַצונד ווייס איך אַז גאָט העלפֿט זיין געזאַלבטן,
ער וועט אים ענטפֿערן פֿון זיין הייליקן הימל,
מיט די באַהילפֿיקע גבורות פֿון זיין רעכטער האַנט.
8 די מיט רייטוועגן, און די מיט פֿערד,
אָבער מיר וועלן דערמאָנען דעם נאָמען פֿון יהוה
אונדזער גאָט.
9 זיי בייגן זיך און פֿאַלן,
און מיר הייבן זיך און שטעלן זיך ווידער.
10 העלף דו, גאָט!
זאָל דער קיניג אונדז ענטפֿערן אין טאָג וואָס מיר רופֿן.

# כא

1 פֿאַר דעם געזאַנגמייסטער; אַ מִזמור פֿון דודן.
2 גאָט, מיט דיין שטאַרקייט פֿרייט זיך דער מלך,
און מיט דיין הילף ווי זייער לוסטיק איז ער!
3 דעם באַגער פֿון זיין האַרצן האָסטו אים געגעבן,
און דעם פֿאַרלאַנג פֿון זיינע ליפּן האָסטו ניט פֿאַרמיטן. סֶלָה.
4 וואָרום דו טראָגסט אים אַנטקעגן ברכות פֿון גוטס,
טוסט אָן אויף זיין קאָפּ פֿון גינגאָלד אַ קרוין.
5 לעבן האָט ער געבעטן ביי דיר, האָסטו אים געגעבן;
אַריכת־יָמים אויף אייביק און שטענדיק.
6 גרויס איז זיין כּבוד דורך דיין הילף,
גלאַנץ און שיינקייט טוסטו אויף אים אַרויף.
7 וואָרום דו מאַכסט אים פֿאַר אַ בענטשונג אויף אייביק,
דערפֿרייסט אים מיט שׂמחה פֿאַר דיין פּנים.
8 וואָרום דער מלך פֿאַרזיכערט זיך אויף גאָט,
און דורך דעם חסד פֿון אויבערשטן וועט ער ניט
אומפֿאַלן.
9 דיין האַנט וועט דערגרייכן אַלע דיינע פֿיינט,
דיין רעכטע וועט דערגרייכן דיינע שׂונאים.
10 וועסט זיי מאַכן ווי אַ פֿייעראויוון אין צייט פֿון דיין
צאָרן;
גאָט וועט זיי אומברענגען אין זיין כּעס,
און אַ פֿייער וועט זיי פֿאַרצערן.
11 זייער פֿרוכט וועסטו אונטערברענגען פֿון דער
ערד,
און זייער זאָמען פֿון מענטשנקינדער.
12 וואָרום זיי האָבן אָנגעצויגן שלעכטס קעגן דיר;
זיי האָבן געטראַכט בייזע געדאַנקען, וועלן זיי ניט
אויספֿירן.
13 וואָרום וועסט זיי מאַכן אומקערן דעם רוקן,
מיט דיינע בויגנשטריק וועסטו צילן אויף זייער
פּנים.

14 דערהייב דיך, גאָט, אין דיין שטאַרקייט;
מיר וועלן זינגען און לויבן דיין גבורה.

יב יג גַּם־עַבְדְּךָ נִזְהָר בָּהֶם בְּשָׁמְרָם עֵקֶב רָב׃ שְׁגִיאוֹת מִי־יָבִין
יד מִנִּסְתָּרוֹת נַקֵּנִי׃ גַּם מִזֵּדִים ׀ חֲשֹׂךְ עַבְדֶּךָ אַל־יִמְשְׁלוּ־בִי
טו אָז אֵיתָם וְנִקֵּיתִי מִפֶּשַׁע רָב׃ יִהְיוּ לְרָצוֹן ׀ אִמְרֵי־פִי וְהֶגְיוֹן
לִבִּי לְפָנֶיךָ יְהוָה צוּרִי וְגֹאֲלִי׃

## כ

א ב לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ יַעַנְךָ יְהוָה בְּיוֹם צָרָה יְשַׂגֶּבְךָ שֵׁם ׀
ג ד אֱלֹהֵי יַעֲקֹב׃ יִשְׁלַח עֶזְרְךָ מִקֹּדֶשׁ וּמִצִּיּוֹן יִסְעָדֶךָּ׃ יִזְכֹּר
ה כָּל־מִנְחֹתֶךָ וְעוֹלָתְךָ יְדַשְּׁנֶה־סֶּלָה׃ יִתֶּן־לְךָ כִלְבָבֶךָ וְכָל־
ו עֲצָתְךָ יְמַלֵּא׃ נְרַנְּנָה ׀ בִּישׁוּעָתֶךָ וּבְשֵׁם־אֱלֹהֵינוּ נִדְגֹּל
ז יְמַלֵּא יְהוָה כָּל־מִשְׁאֲלוֹתֶיךָ׃ עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי הוֹשִׁיעַ ׀ יְהוָה
ח מְשִׁיחוֹ יַעֲנֵהוּ מִשְּׁמֵי קָדְשׁוֹ בִּגְבוּרוֹת יֵשַׁע יְמִינוֹ׃ אֵלֶּה
בָרֶכֶב וְאֵלֶּה בַסּוּסִים וַאֲנַחְנוּ ׀ בְּשֵׁם־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ נַזְכִּיר׃
ט י הֵמָּה כָּרְעוּ וְנָפָלוּ וַאֲנַחְנוּ קַּמְנוּ וַנִּתְעוֹדָד׃ יְהוָה הוֹשִׁיעָה
הַמֶּלֶךְ יַעֲנֵנוּ בְיוֹם־קָרְאֵנוּ׃

## כא

א ב לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ יְהוָה בְּעָזְּךָ יִשְׂמַח־מֶלֶךְ וּבִישׁוּעָתְךָ
ג מַה יָּגִיל מְאֹד׃ תַּאֲוַת לִבּוֹ נָתַתָּה לּוֹ וַאֲרֶשֶׁת שְׂפָתָיו בַּל־
ד מָנַעְתָּ סֶּלָה׃ כִּי־תְקַדְּמֶנּוּ בִּרְכוֹת טוֹב תָּשִׁית לְרֹאשׁוֹ
ה עֲטֶרֶת פָּז׃ חַיִּים ׀ שָׁאַל מִמְּךָ נָתַתָּה לּוֹ אֹרֶךְ יָמִים עוֹלָם
ו ז וָעֶד׃ גָּדוֹל כְּבוֹדוֹ בִּישׁוּעָתֶךָ הוֹד וְהָדָר תְּשַׁוֶּה עָלָיו׃ כִּי־
ח תְשִׁיתֵהוּ בְרָכוֹת לָעַד תְּחַדֵּהוּ בְשִׂמְחָה אֶת־פָּנֶיךָ׃ כִּי־
ט הַמֶּלֶךְ בֹּטֵחַ בַּיהוָה וּבְחֶסֶד עֶלְיוֹן בַּל־יִמּוֹט׃ תִּמְצָא יָדְךָ
י לְכָל־אֹיְבֶיךָ יְמִינְךָ תִּמְצָא שֹׂנְאֶיךָ׃ תְּשִׁיתֵמוֹ ׀ כְּתַנּוּר אֵשׁ
יא לְעֵת פָּנֶיךָ יְהוָה בְּאַפּוֹ יְבַלְּעֵם וְתֹאכְלֵם אֵשׁ׃ פִּרְיָמוֹ מֵאֶרֶץ
יב תְּאַבֵּד וְזַרְעָם מִבְּנֵי אָדָם׃ כִּי־נָטוּ עָלֶיךָ רָעָה חָשְׁבוּ מְזִמָּה
יג בַּל־יוּכָלוּ׃ כִּי־תְשִׁיתֵמוֹ שֶׁכֶם בְּמֵיתָרֶיךָ תְּכוֹנֵן עַל־פְּנֵיהֶם׃
יד רוּמָה יְהוָה בְעֻזֶּךָ נָשִׁירָה וּנְזַמְּרָה גְּבוּרָתֶךָ׃

---

יט, יד׳ נ״א בִּי מִי    כא, ב׳ יתיר י

## כב

לַמְנַצֵּחַ עַל־אַיֶּלֶת הַשַּׁחַר מִזְמוֹר לְדָוִד׃ אֵלִי ׀ אֵלִי לָמָה א ב
עֲזַבְתָּנִי רָחוֹק מִישׁוּעָתִי דִּבְרֵי שַׁאֲגָתִי׃ אֱלֹהַי אֶקְרָא יוֹמָם ג
וְלֹא תַעֲנֶה וְלַיְלָה וְלֹא־דוּמִיָּה לִי׃ וְאַתָּה קָדוֹשׁ יוֹשֵׁב ד
תְּהִלּוֹת יִשְׂרָאֵל׃ בְּךָ בָּטְחוּ אֲבֹתֵינוּ בָּטְחוּ וַתְּפַלְּטֵמוֹ׃ ה
אֵלֶיךָ זָעֲקוּ וְנִמְלָטוּ בְּךָ בָטְחוּ וְלֹא־בוֹשׁוּ׃ וְאָנֹכִי תוֹלַעַת ו ז
וְלֹא־אִישׁ חֶרְפַּת אָדָם וּבְזוּי עָם׃ כָּל־רֹאַי יַלְעִגוּ לִי ח
יַפְטִירוּ בְשָׂפָה יָנִיעוּ רֹאשׁ׃ גֹּל אֶל־יְהוָה יְפַלְּטֵהוּ יַצִּילֵהוּ ט
כִּי חָפֵץ בּוֹ׃ כִּי־אַתָּה גֹחִי מִבָּטֶן מַבְטִיחִי עַל־שְׁדֵי אִמִּי׃ י
עָלֶיךָ הָשְׁלַכְתִּי מֵרָחֶם מִבֶּטֶן אִמִּי אֵלִי אָתָּה׃ אַל־תִּרְחַק יא יב
מִמֶּנִּי כִּי־צָרָה קְרוֹבָה כִּי אֵין עוֹזֵר׃ סְבָבוּנִי פָּרִים רַבִּים יג
אַבִּירֵי בָשָׁן כִּתְּרוּנִי׃ פָּצוּ עָלַי פִּיהֶם אַרְיֵה טֹרֵף וְשֹׁאֵג׃ יד
כַּמַּיִם נִשְׁפַּכְתִּי וְהִתְפָּרְדוּ כָּל־עַצְמוֹתָי הָיָה לִבִּי כַּדּוֹנָג טו
נָמֵס בְּתוֹךְ מֵעָי׃ יָבֵשׁ כַּחֶרֶשׂ ׀ כֹּחִי וּלְשׁוֹנִי מֻדְבָּק מַלְקוֹחָי טז
וְלַעֲפַר־מָוֶת תִּשְׁפְּתֵנִי׃ כִּי־סְבָבוּנִי כְּלָבִים עֲדַת מְרֵעִים יז
הִקִּיפוּנִי כָּאֲרִי יָדַי וְרַגְלָי׃ אֲסַפֵּר כָּל־עַצְמוֹתָי הֵמָּה יַבִּיטוּ יח
יִרְאוּ־בִי׃ יְחַלְּקוּ בְגָדַי לָהֶם וְעַל־לְבוּשִׁי יַפִּילוּ גוֹרָל׃ יט
וְאַתָּה יְהוָה אַל־תִּרְחָק אֱיָלוּתִי לְעֶזְרָתִי חוּשָׁה׃ הַצִּילָה כ כא
מֵחֶרֶב נַפְשִׁי מִיַּד־כֶּלֶב יְחִידָתִי׃ הוֹשִׁיעֵנִי מִפִּי אַרְיֵה כב
וּמִקַּרְנֵי רֵמִים עֲנִיתָנִי׃ אֲסַפְּרָה שִׁמְךָ לְאֶחָי בְּתוֹךְ קָהָל כג
אֲהַלְלֶךָּ׃ יִרְאֵי יְהוָה ׀ הַלְלוּהוּ כָּל־זֶרַע יַעֲקֹב כַּבְּדוּהוּ כד
וְגוּרוּ מִמֶּנּוּ כָּל־זֶרַע יִשְׂרָאֵל׃ כִּי לֹא־בָזָה וְלֹא שִׁקַּץ עֱנוּת כה
עָנִי וְלֹא־הִסְתִּיר פָּנָיו מִמֶּנּוּ וּבְשַׁוְּעוֹ אֵלָיו שָׁמֵעַ׃ מֵאִתְּךָ כו
תְּהִלָּתִי בְּקָהָל רָב נְדָרַי אֲשַׁלֵּם נֶגֶד יְרֵאָיו׃ יֹאכְלוּ עֲנָוִים ׀ כז
וְיִשְׂבָּעוּ יְהַלְלוּ יְהוָה דֹּרְשָׁיו יְחִי לְבַבְכֶם לָעַד׃ יִזְכְּרוּ ׀ כח
וְיָשֻׁבוּ אֶל־יְהוָה כָּל־אַפְסֵי־אָרֶץ וְיִשְׁתַּחֲווּ לְפָנֶיךָ כָּל־
מִשְׁפְּחוֹת גּוֹיִם׃ כִּי לַיהוָה הַמְּלוּכָה וּמֹשֵׁל בַּגּוֹיִם׃ אָכְלוּ כט ל
וַיִּשְׁתַּחֲווּ ׀ כָּל־דִּשְׁנֵי־אֶרֶץ לְפָנָיו יִכְרְעוּ כָּל־יוֹרְדֵי עָפָר

כה׳ ס״א וּבשועוֹ אֵלָיו     כו׳ ס״א מְאתךָ תְהלתי בקהל רב

## כב

1 פאַר דעם גועזאַנגמייסטער; אויף אַיֶלֶת־הַשַחַר. אַ מִזמור פון דודן.

2 מיין גאָט, מיין גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן?
ווייט פון מיין הילף זיינען די ווערטער פון מיין געשריי.
3 מיין גאָט, איך רוף ביי טאָג, און דו ענטפערסט ניט,
און ביי נאַכט—און ניטאָ קיין שטילונג פאַר מיר.
4 דו ביסט דאָך דער הייליקער,
וואָס טראָנט אויף די לויבגעזאַנגען פון ישׂראל.
5 אויף דיר האָבן זיך פאַרזיכערט אונדזערע עלטערן,
זיך פאַרזיכערט, און דו האָסט זיי דערלייזט.
6 צו דיר האָבן זיי געשריען, און אַנטרונען געוואָרן,
אויף דיר זיך פאַרזיכערט, און ניט פאַרשעמט געוואָרן.
7 אָבער איך בין אַ וואָרעם און ניט קיין מענטש,
אַ חרפה פאַר לייט, און פאַראַכט פון פאָלק.
8 אַלע וואָס זעען מיך, לאַכן פון מיר,
זיי ציען מיט דער ליפּ, זיי שאָקלען דעם קאָפּ:
9 זאָל ער זיך אַרויפלייגן אויף גאָט, ער זאָל אים דערלייזן,
אים מציל זיין, אויב ער טוט אים באַגערן.

10 פאַרוואָר, דו האָסט מיך אַרויסגעצויגן פון מוטערלייב,
מיך פאַרזיכערט אויף מיין מוטערס ברוסט.
11 אויף דיר בין איך אַרויפגעוואָרפן פון געבערמוטער אָן,
פון מיין מוטערלייב אָן ביסט דו מיין גאָט.
12 ניט דערווייטער זיך פון מיר, וואָרום די נויט איז נאָענט,
וואָרום ניטאָ ווער זאָל העלפן.
13 אַרומגערינגלט האָבן מיך אָקסן פיל,
בולן פון בָשָן זיינען מיך באַפאַלן אַרום.
14 זיי האָבן אויפגעשפּאַרט זייער מויל אויף מיר,
ווי אַ לייב וואָס פאַרצוקט און ברומט.
15 ווי וואַסער בין איך צערונען געוואָרן,
און אַלע מיינע ביינער האָבן זיך צעשאָטן;
מיין האַרץ איז געוואָרן ווי וואַקס,
צעגאַנגען אין מיינע אינגעווייד.
16 אויסגעטריקנט ווי אַ שאַרבן איז מיין כּוח,
און מיין צונג איז צוגעקלעפּט צו מיין גומען;
און אין דעם שטויב פון טויט טוסטו מיך לייגן.
17 וואָרום אַרומגערינגלט האָבן מיך הינט,
אַ באַנדע שלעכטסטוער האָט מיך אַרומגענומען,
ווי אַ לייב—מיינע הענט און מיינע פיס.
18 איך קען איבערציילן אַלע מיינע ביינער;
זיי גלאָצן, זיי קוקן אויף מיר.
19 זיי צעטיילן מיינע בגדים צווישן זיך,
און אויף מיין מלבוש וואַרפן זיי גורל.
20 אָבער דו גאָט, זאָלסט זיך ניט דערווייטערן,
מיין שטאַרקייט, אַייל מיר צו הילף.
21 זיי מציל פון שווערד מיין זעל,
פון דער מאַכט פון הונט מיין אייגאייניקע[א].
22 העלף מיך פון דעם לייבס מויל,
און פון די הערנער פון ווילדע־טירן זאָלסטו מיר ענטפערן.

23 איך וועל דערציילן דיין נאָמען צו מיינע ברידער,
אין געזעמל וועל איך דיך לויבן:
24 איר פאָרכטער פון גאָט, טוט אים לויבן,
אַלדער זאָמען פון יעקב, גיט אים כּבוד,
און האָט מורא פאַר אים, אַלדער זאָמען פון ישׂראל.
25 וואָרום ער פאַראַכט ניט און פאַראומווערדיקט ניט די פּיין פון אָרימאַן,
און ער פאַרבאָרגט ניט זיין פּנים פון אים,
און אַז ער שרייט צו אים, הערט ער צו.
26 פון דיר וועט זיין מיין לויב אין אַ גרויס געזעמל;
איך וועל באַצאָלן מיינע נדרים אַנטקעגן פאַר זיינע פאָרכטער.
27 עסן וועלן די געדריקטע און זאַט זיין,
לויבן וועלן גאָט די וואָס זוכן אים;
זאָל אויפלעבן אייער האַרץ אויף אייביק!
28 באַקלערן וועלן זיך, און זיך אומקערן צו גאָט,
אַלע עקן פון דער ערד;
און בוקן וועלן זיך פאַר דיר
אַלע משפּחות פון די פעלקער.
29 וואָרום די מלוכה איז גאָטס,
און ער געוועלטיקט איבער די פעלקער.
30 עסן אַלע פעטסן פון לאַנד,
און זיך בוקן, קניען פאַר אים,
וועלן אַלע וואָס האָבן אין שטויב גענידערט,

[א] ד. ה. מיין זעל.

און זייער זעל ניט דערהאַלטן געקענט.
31 די קינדער וועלן אים דינען,
פון גאָט וועט דערציילט ווערן דעם [קומעדיקן] דָור.
32 מע וועט קומען און אָנזאָגן זיין גערעכטיקייט,
דעם פאָלק וואָס וועט געבאָרן ווערן–אַז ער האָט עס
געטאָן.

# כג

1 אַ מִזמור פון דודן.
גאָט איז מיין פּאַסטוך,
מיר וועט ניט פעלן.
2 אויף גראָזיקע פּיטערפּלעצער מאַכט ער מיך הויערן,
ביי רואיקע וואַסערן טוט ער מיך פירן.
3 ער דערקוויקט מיין זעל;
ער פירט מיך אין ריכטיקע שטעגן
פון וועגן זיין נאָמען.
4 אַפילו אַז איך גיי אין טאָל פון טויטשאָטן,
האָב איך ניט מורא פאַר בייז,
וואָרום דו ביסט מיט מיר;
דיין שטעקן און דיין אָנלען,
זיי טוען מיך טרייסטן.
5 דו גרייטסט פאַר מיר אַ טיש
אַנטקעגן מיינע פיינט;
האָסט באַזאַלבט מיט אייל מיין קאָפּ,
מיין כּוס לויפט אַריבער.
6 נאָר גוטס און גענאָד וועלן מיר נאָכגיין
אַלע טעג פון מיין לעבן,
און איך וועל זיצן אין גאָטס הויז
אויף לאַנגע טעג.

# כד

1 פון דודן אַ מִזמור.
גאָטס איז די ערד און איר פולקייט,
די וועלט און די וווינער אין איר.
2 וואָרום ער האָט זי אויף ימען געגרונטפעסט,
און האָט זי אויף טייכן געשטעלט.
3 ווער קען אַרויפגיין אויף דעם באַרג פון גאָט?
און ווער קען שטיין אין זיין הייליקן אָרט?
4 דער וואָס האָט ריינע הענט און אַ לויטער האַרץ,
וואָס האָט מיך ניט דערמאָנט צום פאַלשן,
און ניט געשוואָרן מיט באַטרוג.
5 ער וועט קריגן אַ ברכה פון יהוה,
און גענאָד פון דעם גאָט פון זיין הילף.
6 דאָס איז דער דָור פון די וואָס פאָרשן אים,
וואָס זוכן דיין פּנים אין יעקב. סֶלָה.

7 הייבט אויף, איר טויערן, אייערע קעפּ,
און הייבט אַייך אויף, איר אייביקע טירן,
און זאָל אַריינגיין דער קיניג פון פּראַכט.
8 ווער איז דער קיניג פון פּראַכט?
גאָט דער שטאַרקער און דער גיבור,
גאָט דער גיבור פון מלחמה.

9 הייבט אויף, איר טויערן, אַייערע קעפּ,
און הייבט אויף, איר אייביקע טירן,
און זאָל אַריינגיין דער קיניג פון פּראַכט.
10 ווער איז דער קיניג פון פּראַכט?
גאָט פון צבָאות, ער איז דער קיניג פון פּראַכט. סֶלָה.

לא לב וְנַפְשׁוֹ לֹא חִיָּה: זֶרַע יַעַבְדֶנּוּ יְסֻפַּר לַאדֹנָי לַדּוֹר: יָבֹאוּ
וְיַגִּידוּ צִדְקָתוֹ לְעַם נוֹלָד כִּי עָשָׂה:

כג

א ב מִזְמוֹר לְדָוִד יְהוָה רֹעִי לֹא אֶחְסָר: בִּנְאוֹת דֶּשֶׁא יַרְבִּיצֵנִי
ג עַל־מֵי מְנֻחוֹת יְנַהֲלֵנִי: נַפְשִׁי יְשׁוֹבֵב יַנְחֵנִי בְמַעְגְּלֵי־צֶדֶק
ד לְמַעַן שְׁמוֹ: גַּם כִּי־אֵלֵךְ בְּגֵיא צַלְמָוֶת לֹא־אִירָא רָע כִּי־
ה אַתָּה עִמָּדִי שִׁבְטְךָ וּמִשְׁעַנְתֶּךָ הֵמָּה יְנַחֲמֻנִי: תַּעֲרֹךְ לְפָנַי ׀
ו שֻׁלְחָן נֶגֶד צֹרְרָי דִּשַּׁנְתָּ בַשֶּׁמֶן רֹאשִׁי כּוֹסִי רְוָיָה: אַךְ טוֹב
וָחֶסֶד יִרְדְּפוּנִי כָּל־יְמֵי חַיָּי וְשַׁבְתִּי בְּבֵית יְהוָה לְאֹרֶךְ יָמִים:

כד

א לְדָוִד מִזְמוֹר לַיהוָה הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ תֵּבֵל וְיֹשְׁבֵי בָהּ:
ב ג כִּי הוּא עַל־יַמִּים יְסָדָהּ וְעַל־נְהָרוֹת יְכוֹנְנֶהָ: מִי־יַעֲלֶה
ד בְהַר יְהוָה וּמִי־יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ: נְקִי כַפַּיִם וּבַר־לֵבָב
ה אֲשֶׁר לֹא־נָשָׂא לַשָּׁוְא נַפְשׁוֹ וְלֹא נִשְׁבַּע לְמִרְמָה: יִשָּׂא
ו בְרָכָה מֵאֵת יְהוָה וּצְדָקָה מֵאֱלֹהֵי יִשְׁעוֹ: זֶה דּוֹר דֹּרְשָׁו
ז מְבַקְשֵׁי פָנֶיךָ יַעֲקֹב סֶלָה: שְׂאוּ שְׁעָרִים ׀ רָאשֵׁיכֶם וְהִנָּשְׂאוּ
ח פִּתְחֵי עוֹלָם וְיָבוֹא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד: מִי זֶה מֶלֶךְ הַכָּבוֹד יְהוָה
ט עִזּוּז וְגִבּוֹר יְהוָה גִּבּוֹר מִלְחָמָה: שְׂאוּ שְׁעָרִים ׀ רָאשֵׁיכֶם
י וּשְׂאוּ פִּתְחֵי עוֹלָם וְיָבֹא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד: מִי הוּא זֶה מֶלֶךְ
הַכָּבוֹד יְהוָה צְבָאוֹת הוּא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד סֶלָה:

כה

א ב לְדָוִד אֵלֶיךָ יְהוָה נַפְשִׁי אֶשָּׂא: אֱלֹהַי בְּךָ בָטַחְתִּי אַל־
ג אֵבוֹשָׁה אַל־יַעַלְצוּ אֹיְבַי לִי: גַּם כָּל־קֹוֶיךָ לֹא יֵבֹשׁוּ יֵבֹשׁוּ
ד הַבּוֹגְדִים רֵיקָם: דְּרָכֶיךָ יְהוָה הוֹדִיעֵנִי אֹרְחוֹתֶיךָ לַמְּדֵנִי:
ה הַדְרִיכֵנִי בַאֲמִתֶּךָ ׀ וְלַמְּדֵנִי כִּי־אַתָּה אֱלֹהֵי יִשְׁעִי אוֹתְךָ
ו קִוִּיתִי כָּל־הַיּוֹם: זְכֹר רַחֲמֶיךָ יְהוָה וַחֲסָדֶיךָ כִּי מֵעוֹלָם
ז הֵמָּה: חַטֹּאות נְעוּרַי ׀ וּפְשָׁעַי אַל־תִּזְכֹּר כְּחַסְדְּךָ זְכָר־

---

כד, ד׳ ו זעירא   נפשי ק   ו׳ דורשיו קי   כה, ז׳ מלא ו

# כה

1 פון דודן.
א צו דיר, גאָט, הייב איך אויף מיין זעל.
ב 2 מיין גאָט, אויף דיר פאַרזיכער איך מיך,
לאָמיך ניט פאַרשעמט ווערן,
זאָלן ניט קוועלן אויף מיר מיינע פיינט.
ג 3 יאָ, אַלע וואָס האָפן אויף דיר זאָלן ניט פאַרשעמט
ווערן;
פאַרשעמט ווערן זאָלן די וואָס פעלשן פאַר גאָרנישט.
ד 4 דיינע וועגן, גאָט, מאַך מיך וויסן,
דיינע שטעגן לערן מיך.
הו 5 פיר מיך אין דיין אמת, און לערן מיך,
וואָרום דו ביסט דער גאָט פון מיין הילף;
צו דיר האָב איך געהאָפט אַ גאַנצן טאָג.
ז 6 דערמאָן, גאָט, דיין דערבאַרימונג און דיינע חסָדים,
וואָרום זיי זיינען פון אייביק אָן.
ח 7 די זינד פון מיין יוגנט און מיינע פאַרברעכן זאָלסטו
ניט דערמאָנען;
לויט דיין חסד דערמאָן זיך דו אָן מיר,

ח לִי־אַתָּה לְמַעַן טוּבְךָ יְהוָה׃ טוֹב וְיָשָׁר יְהוָה עַל־כֵּן יוֹרֶה
ט חַטָּאִים בַּדָּרֶךְ׃ יַדְרֵךְ עֲנָוִים בַּמִּשְׁפָּט וִילַמֵּד עֲנָוִים דַּרְכּוֹ׃
י כָּל־אָרְחוֹת יְהוָה חֶסֶד וֶאֱמֶת לְנֹצְרֵי בְרִיתוֹ וְעֵדֹתָיו׃
יא יב לְמַעַן־שִׁמְךָ יְהוָה וְסָלַחְתָּ לַעֲוֹנִי כִּי רַב־הוּא׃ מִי זֶה הָאִישׁ
יג יְרֵא יְהוָה יוֹרֶנּוּ בְּדֶרֶךְ יִבְחָר׃ נַפְשׁוֹ בְּטוֹב תָּלִין וְזַרְעוֹ
יד טו יִירַשׁ אָרֶץ׃ סוֹד יְהוָה לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם׃ עֵינַי
טז תָּמִיד אֶל־יְהוָה כִּי הוּא יוֹצִיא מֵרֶשֶׁת רַגְלָי׃ פְּנֵה־אֵלַי
יז וְחָנֵּנִי כִּי־יָחִיד וְעָנִי אָנִי׃ צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי
יח יט הוֹצִיאֵנִי׃ רְאֵה־עָנְיִי וַעֲמָלִי וְשָׂא לְכָל־חַטֹּאותָי׃ רְאֵה אוֹיְבַי
כ כִּי־רָבּוּ וְשִׂנְאַת חָמָס שְׂנֵאוּנִי׃ שָׁמְרָה נַפְשִׁי וְהַצִּילֵנִי אַל־
כא כב אֵבוֹשׁ כִּי־חָסִיתִי בָךְ׃ תֹּם־וָיֹשֶׁר יִצְּרוּנִי כִּי קִוִּיתִיךָ׃ פְּדֵה
אֱלֹהִים אֶת־יִשְׂרָאֵל מִכֹּל צָרוֹתָיו׃

## כו

א לְדָוִד ׀ שָׁפְטֵנִי יְהוָה כִּי־אֲנִי בְּתֻמִּי הָלַכְתִּי וּבַיהוָה בָּטַחְתִּי
ב ג לֹא אֶמְעָד׃ בְּחָנֵנִי יְהוָה וְנַסֵּנִי צָרוֹפָה כִלְיוֹתַי וְלִבִּי׃ כִּי־
ד חַסְדְּךָ לְנֶגֶד עֵינָי וְהִתְהַלַּכְתִּי בַּאֲמִתֶּךָ׃ לֹא־יָשַׁבְתִּי עִם־
ה מְתֵי־שָׁוְא וְעִם־נַעֲלָמִים לֹא אָבוֹא׃ שָׂנֵאתִי קְהַל מְרֵעִים
ו וְעִם־רְשָׁעִים לֹא אֵשֵׁב׃ אֶרְחַץ בְּנִקָּיוֹן כַּפָּי וַאֲסֹבְבָה אֶת־
ז מִזְבַּחֲךָ יְהוָה׃ לַשְׁמִעַ בְּקוֹל תּוֹדָה וּלְסַפֵּר כָּל־נִפְלְאוֹתֶיךָ׃
ח ט יְהוָה אָהַבְתִּי מְעוֹן בֵּיתֶךָ וּמְקוֹם מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ׃ אַל־תֶּאֱסֹף
י עִם־חַטָּאִים נַפְשִׁי וְעִם־אַנְשֵׁי דָמִים חַיָּי׃ אֲשֶׁר־בִּידֵיהֶם
יא זִמָּה וִימִינָם מָלְאָה שֹּׁחַד׃ וַאֲנִי בְּתֻמִּי אֵלֵךְ פְּדֵנִי וְחָנֵּנִי׃
יב רַגְלִי עָמְדָה בְמִישׁוֹר בְּמַקְהֵלִים אֲבָרֵךְ יְהוָה׃

## כז

א לְדָוִד ׀ יְהוָה ׀ אוֹרִי וְיִשְׁעִי מִמִּי אִירָא יְהוָה מָעוֹז־חַיַּי
ב מִמִּי אֶפְחָד׃ בִּקְרֹב עָלַי ׀ מְרֵעִים לֶאֱכֹל אֶת־בְּשָׂרִי צָרַי
ג וְאֹיְבַי לִי הֵמָּה כָּשְׁלוּ וְנָפָלוּ׃ אִם־תַּחֲנֶה עָלַי ׀ מַחֲנֶה

כה, יח׳ כלא ו   כו, א׳ פתח באתנח   ב׳ יתיר ו

---

פון וועגן דיין גוטסקייט, גאָט.
ט 8 גוט און רעכטפאַרטיק איז גאָט,
דרום ווייזט ער די זינדיקע דעם וועג.
י 9 ער פירט די שטילע אין גערעכטיקייט,
און לערנט די שטילע זיין וועג.
כ 10 אַלע וועגן פון גאָט זיינען חסד און טריישאַפט
צו די וואָס היטן זיין בונד און זיינע אָנזאָגן.
ל 11 פון וועגן דיין נאָמען, גאָט,
זאָלסטו פאַרגעבן מיין זינד, וואָרום זי איז גרויס.
מ 12 ווער נאָר אַ מאַן וואָס פאָרכט גאָט,
וועט ער אים ווייזן דעם וועג וואָס ער זאָל וויילן.
נ 13 זיין זעל וועט רוען אין גוטס,
און זיין זאָמען וועט אַרבן דאָס לאַנד.
ס 14 גאָטס פאַרטרויטקייט איז מיט די וואָס פאָרכטן אים,
און זיין בונד, כּדי זיי צו לערנען.
ע 15 מיינע אויגן זיינען תּמיד צו גאָט,
וואָרום ער ציט אַרויס פון נעץ מיינע פיס.
פ 16 קער זיך צו מיר, און לייטזעליק מיך,
וואָרום עלנד און אָרים בין איך.
צ 17 די צרות פון מיין האַרצן האָבן זיך אויסגעברייט,
פון מיינע דריקענישן צי מיך אַרויס.
ר 18 זע מיין פיין און מיין מאַטערניש,
און פאַרגיב אַלע מיינע זינד.
19 זע ווי מיינע שׂונאים זיינען פיל,
און די אומגערעכטע פיינטשאַפט וואָס זיי האָבן מיך פיינט.
ש 29 היט מיין זעל און זיי מיך מציל,
לאָמיך ניט פאַרשעמט ווערן, ווייל איך שיץ מיך אין דיר.
ת 21 זאָל ערלעכקייט און רעכטפאַרטיקייט מיך באַהיטן,
וואָרום איך טו האָפן צו דיר.
22 לייז אויס, גאָט, ישׂראל
פון אַלע זיינע צרות.

# כו

1 פון דודן.
טו מיר רעכט, גאָט, וואָרום איך בין געגאַנגען אין מיין ערלעכקייט,
און איך האָב מיך פאַרזיכערט אויף גאָט, זיך ניט געוואַקלט.
2 פרווו מיך, גאָט, און פרוביר מיך,
לייטער מיינע נירן און מיין האַרץ.
3 וואָרום דיין חסד איז פאַר מיינע אויגן,
און איך גיי אין דיין אמת.
4 איך בין ניט געזעסן מיט פאַלשע מענטשן,
און מיט פאַרשטעלטע קום איך ניט צונויף.
5 איך האָב פיינט דאָס געזעמל פון שלעכטסטוער,
און מיט רשעים טו איך ניט זיצן.
6 איך וואַש אין ריינקייט מיינע הענט,
און איך גיי אַרום דיין מזבח, גאָט,
7 צו לאָזן הערן אַ קָול פון דאַנק,
און צו דערציילן אַלע דיינע וווּנדער.

8 גאָט, איך האָב ליב די וווינונג פון דיין הויז,
און דעם אָרט פון דער רואונג פון דיין כּבוד.
9 זאָלסט ניט איינטאָן מיט זינדיקע מיין זעל,
און מיט בלוטיקע לייט מיין לעבן,
10 וואָס אין זייערע הענט איז ליסטיקייט,
און זייער רעכטע איז פול שוחד.
11 אָבער איך גיי אין מיין ערלעכקייט;
לייז מיך אויס, און לייטזעליק מיך.
12 ווען מיין פוס שטייט אויף גלייכן,
וועל איך אין געזעמלען לויבן גאָט.

# כז

1 פון דודן.
גאָט איז מיין ליכט און מיין הילף,
פאַר וועמען זאָל איך מורא האָבן?
גאָט איז די פעסטונג פון מיין לעבן,
פאַר וועמען זאָל איך אַנגסטן?
2 אַז די שלעכטסטוער גענענען צו מיר
צו עסן מיין פלייש —
מיינע דריקער און מיינע פיינט —
ווערן זיי געשטרויכלט און פאַלן.
3 אַז אַ מחנה זאָל לאַגערן אויף מיר,

וועט ניט מורא האָבן מיין האַרץ;
אַז אַ מלחמה זאָל אָנשטיין אויף מיר,
בין איך פון דעסטוועגן זיכער.

4 איינס האָב איך פאַרלאַנגט פון גאָט,
דאָס טו איך בעטן:
איך זאָל זיצן אין הויז פון גאָט
אַלע טעג פון מיין לעבן,
צו זען די ליבלעכקייט פון גאָט,
און זיך צו פעדערן אין זיין טעמפל.
5 וואָרום ער באַהאַלט מיך אין זייןביידל,
אין דעם טאָג פון בייז,
ער פאַרבאָרגט מיך אין דער פאַרבאָרגעניש פון זיין
געצעלט,
אויף אַ פעלז טוט ער מיך דערהייבן.
6 און אַצונד וועט זיך הייבן מיין קאָפּ
איבער מיינע פיינט רונד אַרום מיר,
און איך וועל שלאַכטן אין זיין געצעלט שלאַכטאָפּפער
מיט געשאַל,
איך וועל זינגען און שפּילן צו גאָט.

7 הער, גאָט, מיין קָול–טו איך רופן–
און לייטזעליק מיך, און ענטפער מיר.
8 מיין האַרץ זאָגט פאַר דיר: זוכט מיין פּנים!
דיין פּנים, גאָט, טו איך זוכן.
9 זאָלסט ניט פאַרבאָרגן דיין פּנים פון מיר,
זאָלסט ניט אָפּנייגן אין צאָרן דיין קנעכט;
ביסט מיין הילף געווען, זאָלסט מיך ניט אַוועקוואַרפן,
און זאָלסט מיך ניט פאַרלאָזן, גאָט פון מיין ישועה.
10 אַפילו מיין פאָטער און מיין מוטער זאָלן מיך פאַרלאָזן,
וועט אָבער גאָט מיך אַריינעמען.

11 ווייז מיר, גאָט, דיין וועג,
און פיר מיך אין גלייכן שטעג,
פון וועגן מיינע לויערער.
12 זאָלסט מיך ניט געבן אויף דעם באַראָט פון מיינע פיינט;
וואָרום פאַלשע עדות זיינען אויפגעשטאַנען קעגן מיר,
און דער וואָס אָטעמט מיט אומרעכט.
13 ווען איך וואָלט ניט געגלויבט צו זען דאָס גוטס פון גאָט,
אין לאַנד פון די לעבעדיקע!–
14 האָף צו גאָט, זיי שטאַרק,
און זאָל פעסט זיין דיין האַרץ;
יאָ, האָף צו גאָט.

# כח

1 פון דודן.
צו דיר, גאָט, טו איך רופן;
מיין פעלז, זאָלסט ניט טויב זיין צו מיר,
וואָרום אַז דו וועסט שווייגן צו מיר,
וועל איך זיין געגליכן צו די גענידערטע אין גרוב.
2 הער דעם קָול פון מיין געבעט, אַז איך שריי צו דיר,
אַז איך הייב אויף מיינע הענט צו דיין הייליקן טעמפּל.
3 זאָלסט מיך ניט אַוועקציען מיט די רשעים,
און מיט די טוער פון אומרעכט,
וואָס רעדן שלום מיט זייערע חברים,
און בייז איז אין זייער האַרצן.

לֹא־יִירָא לִבִּי אִם־תָּקוּם עָלַי מִלְחָמָה בְּזֹאת אֲנִי בוֹטֵחַ׃
ד אַחַת ׀ שָׁאַלְתִּי מֵאֵת יְהוָה אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ שִׁבְתִּי בְּבֵית־
יְהוָה כָּל־יְמֵי חַיַּי לַחֲזוֹת בְּנֹעַם יְהוָה וּלְבַקֵּר בְּהֵיכָלוֹ׃
ה כִּי יִצְפְּנֵנִי ׀ בְּסֻכֹּה בְּיוֹם רָעָה יַסְתִּרֵנִי בְּסֵתֶר אָהֳלוֹ בְּצוּר
ו יְרוֹמְמֵנִי׃ וְעַתָּה יָרוּם רֹאשִׁי עַל־אֹיְבַי סְבִיבוֹתַי וְאֶזְבְּחָה
ז בְאָהֳלוֹ זִבְחֵי תְרוּעָה אָשִׁירָה וַאֲזַמְּרָה לַיהוָה׃ שְׁמַע־
ח יְהוָה קוֹלִי אֶקְרָא וְחָנֵּנִי וַעֲנֵנִי׃ לְךָ אָמַר לִבִּי בַּקְּשׁוּ פָנָי
ט אֶת־פָּנֶיךָ יְהוָה אֲבַקֵּשׁ׃ אַל־תַּסְתֵּר פָּנֶיךָ ׀ מִמֶּנִּי אַל־תַּט
בְּאַף עַבְדֶּךָ עֶזְרָתִי הָיִיתָ אַל־תִּטְּשֵׁנִי וְאַל־תַּעַזְבֵנִי אֱלֹהֵי
יא יִשְׁעִי׃ כִּי־אָבִי וְאִמִּי עֲזָבוּנִי וַיהוָה יַאַסְפֵנִי׃ הוֹרֵנִי יְהוָה
יב דַּרְכֶּךָ וּנְחֵנִי בְּאֹרַח מִישׁוֹר לְמַעַן שׁוֹרְרָי׃ אַל־תִּתְּנֵנִי בְּנֶפֶשׁ
יג צָרָי כִּי קָמוּ־בִי עֵדֵי־שֶׁקֶר וִיפֵחַ חָמָס׃ לוּלֵא הֶאֱמַנְתִּי
יד לִרְאוֹת בְּטוּב־יְהוָה בְּאֶרֶץ חַיִּים׃ קַוֵּה אֶל־יְהוָה חֲזַק
וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל־יְהוָה׃

כח

א לְדָוִד אֵלֶיךָ יְהוָה ׀ אֶקְרָא צוּרִי אַל־תֶּחֱרַשׁ מִמֶּנִּי פֶּן־תֶּחֱשֶׁה
ב מִמֶּנִּי וְנִמְשַׁלְתִּי עִם־יוֹרְדֵי בוֹר׃ שְׁמַע קוֹל תַּחֲנוּנַי בְּשַׁוְּעִי
ג אֵלֶיךָ בְּנָשְׂאִי יָדַי אֶל־דְּבִיר קָדְשֶׁךָ׃ אַל־תִּמְשְׁכֵנִי עִם־
רְשָׁעִים וְעִם־פֹּעֲלֵי אָוֶן דֹּבְרֵי שָׁלוֹם עִם־רֵעֵיהֶם וְרָעָה
ד בִּלְבָבָם׃ תֶּן־לָהֶם כְּפָעֳלָם וּכְרֹעַ מַעַלְלֵיהֶם כְּמַעֲשֵׂה
ה יְדֵיהֶם תֵּן לָהֶם הָשֵׁב גְּמוּלָם לָהֶם׃ כִּי לֹא יָבִינוּ אֶל־
ו פְּעֻלֹּת יְהוָה וְאֶל־מַעֲשֵׂה יָדָיו יֶהֶרְסֵם וְלֹא יִבְנֵם׃ בָּרוּךְ
ז יְהוָה כִּי־שָׁמַע קוֹל תַּחֲנוּנָי׃ יְהוָה ׀ עֻזִּי וּמָגִנִּי בּוֹ בָטַח
ח לִבִּי וְנֶעֱזָרְתִּי וַיַּעֲלֹז לִבִּי וּמִשִּׁירִי אֲהוֹדֶנּוּ׃ יְהוָה עֹז־לָמוֹ
ט וּמָעוֹז יְשׁוּעוֹת מְשִׁיחוֹ הוּא׃ הוֹשִׁיעָה אֶת־עַמֶּךָ וּבָרֵךְ אֶת־
נַחֲלָתֶךָ וּרְעֵם וְנַשְּׂאֵם עַד־הָעוֹלָם׃

כו, ה׳ בסכו קרי   יג׳ נקד מלמטה ומלמעלה חוץ מן ו׳ שלא נקד אלא מלמטה

4 גיב זיי לויט זייער ווערק,
און לויט דער שלעכטסקייט פון זייערע מעשים;
לויט דער טואונג פון זייערע הענט גיב זיי,
קער זיי אום זייער פאַרגעלטונג.
5 ווייל זיי אַכטן ניט אויף די ווערק פון גאָט,
און אויף דער טואונג פון זיינע הענט,
וועט ער זיי צעשטערן און זיי ניט אויפבויען.

6 געלויבט איז גאָט,
וואָס ער האָט געהערט דעם קָול פון מיינע געבעטן.
7 גאָט איז מיין שטאַרקייט און מיין שילד,
אויף אים האָט זיך פאַרזיכערט מיין האַרץ,
און איך בין געהאָלפן געוואָרן.
דרום איז לוסטיק מיין האַרץ,
און מיט מיין געזאַנג טו איך אים דאַנקען.

8 גאָט איז זיי אַ שטאַרקייט,
און אַ פעסטונג פון הילף איז ער זיין געזאַלבטן.
9 העלף דיין פאָלק, און בענטש דיין אַרב,
און פיטער זיי, און טראָג זיי אויף אייביק.

## כט

א מִזְמוֹר לְדָוִד הָבוּ לַיהוָה בְּנֵי אֵלִים הָבוּ לַיהוָה כָּבוֹד
ב וָעֹז׃ הָבוּ לַיהוָה כְּבוֹד שְׁמוֹ הִשְׁתַּחֲווּ לַיהוָה בְּהַדְרַת־
ג קֹדֶשׁ׃ קוֹל יְהוָה עַל־הַמָּיִם אֵל־הַכָּבוֹד הִרְעִים יְהוָה עַל־
ד ה מַיִם רַבִּים׃ קוֹל־יְהוָה בַּכֹּחַ קוֹל יְהוָה בֶּהָדָר׃ קוֹל
ו יְהוָה שֹׁבֵר אֲרָזִים וַיְשַׁבֵּר יְהוָה אֶת־אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן׃ וַיַּרְקִידֵם
ז כְּמוֹ־עֵגֶל לְבָנוֹן וְשִׂרְיֹן כְּמוֹ בֶן־רְאֵמִים׃ קוֹל־יְהוָה חֹצֵב
ח לַהֲבוֹת אֵשׁ׃ קוֹל יְהוָה יָחִיל מִדְבָּר יָחִיל יְהוָה מִדְבַּר
ט קָדֵשׁ׃ קוֹל יְהוָה ׀ יְחוֹלֵל אַיָּלוֹת וַיֶּחֱשֹׂף יְעָרוֹת וּבְהֵיכָלוֹ
י כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד׃ יְהוָה לַמַּבּוּל יָשָׁב וַיֵּשֶׁב יְהוָה מֶלֶךְ
יא לְעוֹלָם׃ יְהוָה עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן יְהוָה ׀ יְבָרֵךְ אֶת־עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם׃

## ל

א ב מִזְמוֹר שִׁיר־חֲנֻכַּת הַבַּיִת לְדָוִד׃ אֲרוֹמִמְךָ יְהוָה כִּי דִלִּיתָנִי
ג וְלֹא־שִׂמַּחְתָּ אֹיְבַי לִי׃ יְהוָה אֱלֹהָי שִׁוַּעְתִּי אֵלֶיךָ וַתִּרְפָּאֵנִי׃
ד ה יְהוָה הֶעֱלִיתָ מִן־שְׁאוֹל נַפְשִׁי חִיִּיתַנִי מִיּוֹרְדֵי־בוֹר׃ זַמְּרוּ
ו לַיהוָה חֲסִידָיו וְהוֹדוּ לְזֵכֶר קָדְשׁוֹ׃ כִּי רֶגַע בְּאַפּוֹ חַיִּים
ז בִּרְצוֹנוֹ בָּעֶרֶב יָלִין בֶּכִי וְלַבֹּקֶר רִנָּה׃ וַאֲנִי אָמַרְתִּי בְשַׁלְוִי
ח בַּל־אֶמּוֹט לְעוֹלָם׃ יְהוָה בִּרְצוֹנְךָ הֶעֱמַדְתָּה לְהַרְרִי עֹז
ט הִסְתַּרְתָּ פָנֶיךָ הָיִיתִי נִבְהָל׃ אֵלֶיךָ יְהוָה אֶקְרָא וְאֶל־
י אֲדֹנָי אֶתְחַנָּן׃ מַה־בֶּצַע בְּדָמִי בְּרִדְתִּי אֶל־שָׁחַת הֲיוֹדְךָ
יא עָפָר הֲיַגִּיד אֲמִתֶּךָ׃ שְׁמַע־יְהוָה וְחָנֵּנִי יְהוָה הֱיֵה־עֹזֵר
יב לִי׃ הָפַכְתָּ מִסְפְּדִי לְמָחוֹל לִי פִּתַּחְתָּ שַׂקִּי וַתְּאַזְּרֵנִי
יג שִׂמְחָה׃ לְמַעַן יְזַמֶּרְךָ כָבוֹד וְלֹא יִדֹּם יְהוָה אֱלֹהַי
לְעוֹלָם אוֹדֶךָּ׃

## לא

א ב לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ בְּךָ־יְהוָה חָסִיתִי אַל־אֵבוֹשָׁה
ג לְעוֹלָם בְּצִדְקָתְךָ פַלְּטֵנִי׃ הַטֵּה אֵלַי ׀ אָזְנְךָ מְהֵרָה

ל, ד׳ מירדי קרי

## כט

1 אַ מִזמור פון דודן.
גיט צו יהוה, איר מאַכטיקע,
גיט צו יהוה כבוד און שטאַרקייט,
2 גיט צו יהוה דעם כבוד פון זיין נאָמען,
בוקט זיך צו יהוה מיט הייליקן אָפּשיי.
3 דער קָול פון יהוה איז אויף די וואַסערן,
דער גאָט פון פּראַכט טוט דונערן,
יהוה–אויף וואַסערן גרויסע.
4 דער קָול פון יהוה איז מיט מאַכט,
דער קָול פון יהוה איז מיט שיינקייט,
5 דער קָול פון יהוה צעבּרעכט צעדערן,
און יהוה צעבּרעכט די צעדערן פון לבָנון.
6 און ער מאַכט זיי שפּרינגען ווי אַ קאַלבּ,
לבָנון און שׂריון, ווי אַ יונג ווילדער.
7 דער קָול פון יהוה האַקט אויס פלאַמען פייער.
8 דער קָול פון יהוה מאַכט ציטערן דעם מדבּר,
יהוה מאַכט ציטערן דעם מדבּר פון קָדֵש.
9 דער קָול פון יהוה מאַכט הינדינס געבּערן
און טוט וועלדער אַנטבּלויזן;
און אין זיין טעמפּל זאָגט איטלעכער: פּראַכטיק!
10 יהוה האָט בּיים מבּול געטראָנט,
און יהוה טראָנט ווי אַ מלך אויף אייבּיק.
11 יהוה וועט זיין פאָלק געבּן שטאַרקייט,
יהוה וועט בּענטשן זיין פאָלק מיט שלום.

## ל

1 אַ מִזמור; אַ געזאַנג צו דער בּאַנייאונג פון טעמפּל
פון דודן.
2 איך דערהייבּ דיך, גאָט, וואָרום האָסט מיך
אויפגעריכט,
און ניט דערפרייט מיינע פיינט איבּער מיר.
3 יהוה מיין גאָט,
איך האָבּ געשריען צו דיר, און האָסט מיך געהיילט.
4 גאָט, האָסט אַרויפגעבּראַכט פון אונטערערד מיין זעל,
האָסט מיך אויפגעלעבּט, איך זאָל ניט נידערן אין גרובּ.
5 זינגט צו גאָט, זיינע פרומע,
און דאַנקט זיין הייליקער געדעכעניש.
6 וואָרום אַ רגע איז זיין צאָרן,
אַ לעבּן זיין גוטוויליקייט.
איבּער נאַכט בּלייבּט געוויין,
און פרימאָרגנס איז געזאַנג.
7 און איך האָבּ געוועסט געזאָגט אין מיין שַלווה:
איך וועל ניט אומפאַלן קיינמאָל.
8 אין דיין גוטוויליקייט, גאָט,
האָסטו געהאַט אויפגעשטעלט פעסט מיין בּאַרג—
האָסטו פאַרבּאָרגן דיין פּנים,
און איך בּין דערשראָקן געוואָרן.
9 צו דיר, גאָט, פלעג איך רופן,
און צו גאָט פלעג איך בּעטן:
10 „וואָסער געווין איז אין מיין בּלוט,
אַז איך וועל נידערן אין גרובּ?
קען דיך לויבּן דער שטויבּ?
קען ער דערציילן דיין אמת?
11 הער, גאָט, און לייטזעליק מיך,
גאָט, זיי מיר אַ העלפער."
12 האָסטו מיר פאַרקערט מיין קלאָג אין טאַנץ,
האָסט אָפּגעבּונדן מיין זאַקקלייד,
און מיך אָנגעגורט מיט פרייד;
13 דרום וועט דיך בּאַזינגען די זעל[א], און ניט שווייגן.
יהוה מיין גאָט, אייבּיק וועל איך דיר דאַנקען.

## לא

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; אַ מִזמור פון דודן.
2 אין דיר, גאָט, טו איך מיך שיצן,
לאָמיך ניט פאַרשעמט ווערן קיינמאָל;
אין דיין גערעכטיקייט מאַך מיך אַנטרינען.
3 נייג צו דיין אויער צו מיר,
זיי מיך מציל געשווינט;

[א] אין טעקסט: כּבוד.

הַצִּילֵנִי הֱיֵה לִי ׀ לְצוּר־מָעוֹז לְבֵית מְצוּדוֹת לְהוֹשִׁיעֵנִי׃
ד כִּי־סַלְעִי וּמְצוּדָתִי אָתָּה וּלְמַעַן שִׁמְךָ תַּנְחֵנִי וּתְנַהֲלֵנִי׃
ה ו תּוֹצִיאֵנִי מֵרֶשֶׁת זוּ טָמְנוּ לִי כִּי־אַתָּה מָעוּזִּי׃ בְּיָדְךָ אַפְקִיד
ז רוּחִי פָּדִיתָה אוֹתִי יְהוָה אֵל אֱמֶת׃ שָׂנֵאתִי הַשֹּׁמְרִים
ח הַבְלֵי־שָׁוְא וַאֲנִי אֶל־יְהוָה בָּטָחְתִּי׃ אָגִילָה וְאֶשְׂמְחָה
ט בְּחַסְדֶּךָ אֲשֶׁר רָאִיתָ אֶת־עָנְיִי יָדַעְתָּ בְּצָרוֹת נַפְשִׁי׃ וְלֹא
י הִסְגַּרְתַּנִי בְּיַד־אוֹיֵב הֶעֱמַדְתָּ בַמֶּרְחָב רַגְלָי׃ חָנֵּנִי יְהוָה
יא כִּי צַר־לִי עָשְׁשָׁה בְכַעַס עֵינִי נַפְשִׁי וּבִטְנִי׃ כִּי כָלוּ בְיָגוֹן
יב חַיַּי וּשְׁנוֹתַי בַּאֲנָחָה כָּשַׁל בַּעֲוֺנִי כֹחִי וַעֲצָמַי עָשֵׁשׁוּ׃ מִכָּל־
צֹרְרַי הָיִיתִי חֶרְפָּה וְלִשְׁכֵנַי ׀ מְאֹד וּפַחַד לִמְיֻדָּעָי רֹאַי
יג בַּחוּץ נָדְדוּ מִמֶּנִּי׃ נִשְׁכַּחְתִּי כְּמֵת מִלֵּב הָיִיתִי כִּכְלִי
יד אֹבֵד׃ כִּי שָׁמַעְתִּי ׀ דִּבַּת רַבִּים מָגוֹר מִסָּבִיב בְּהִוָּסְדָם
טו יַחַד עָלַי לָקַחַת נַפְשִׁי זָמָמוּ׃ וַאֲנִי ׀ עָלֶיךָ בָטַחְתִּי יְהוָה
טז אָמַרְתִּי אֱלֹהַי אָתָּה׃ בְּיָדְךָ עִתֹּתָי הַצִּילֵנִי מִיַּד־אוֹיְבַי
יז וּמֵרֹדְפָי׃ הָאִירָה פָנֶיךָ עַל־עַבְדֶּךָ הוֹשִׁיעֵנִי בְחַסְדֶּךָ׃
יח יְהוָה אַל־אֵבוֹשָׁה כִּי קְרָאתִיךָ יֵבֹשׁוּ רְשָׁעִים יִדְּמוּ לִשְׁאוֹל׃
יט תֵּאָלַמְנָה שִׂפְתֵי שָׁקֶר הַדֹּבְרוֹת עַל־צַדִּיק עָתָק בְּגַאֲוָה
כ וָבוּז׃ מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר־צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ פָּעַלְתָּ לַחוֹסִים
כא בָּךְ נֶגֶד בְּנֵי אָדָם׃ תַּסְתִּירֵם בְּסֵתֶר פָּנֶיךָ מֵרֻכְסֵי אִישׁ
כב תִּצְפְּנֵם בְּסֻכָּה מֵרִיב לְשֹׁנוֹת׃ בָּרוּךְ יְהוָה כִּי הִפְלִיא
כג חַסְדּוֹ לִי בְּעִיר מָצוֹר׃ וַאֲנִי ׀ אָמַרְתִּי בְחָפְזִי נִגְרַזְתִּי
כד מִנֶּגֶד עֵינֶיךָ אָכֵן שָׁמַעְתָּ קוֹל תַּחֲנוּנַי בְּשַׁוְּעִי אֵלֶיךָ׃ אֶהֱבוּ
אֶת־יְהוָה כָּל־חֲסִידָיו אֱמוּנִים נֹצֵר יְהוָה וּמְשַׁלֵּם עַל־יֶתֶר
כה עֹשֵׂה גַאֲוָה׃ חִזְקוּ וְיַאֲמֵץ לְבַבְכֶם כָּל־הַמְיַחֲלִים לַיהוָה׃

לב

א ב לְדָוִד מַשְׂכִּיל אַשְׁרֵי נְשׂוּי־פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה׃ אַשְׁרֵי אָדָם
ג לֹא יַחְשֹׁב יְהוָה לוֹ עָוֺן וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה׃ כִּי הֶחֱרַשְׁתִּי

---

לא, ה׳ שורק עם הדגש   יב׳ ס״א ולשכני׃

זיי מיר פאַר אַ פעלז פון באַשיצונג,
פאַר אַ באַפעסטיקט הויז מיך צו העלפן.
4 וואָרום דו ביסט מיין פעלז און מיין פעסטונג,
און פון דיין נאָמען וועגן זאָלסטו מיך פירן און מיך באַלייטן.
5 זאָלסט מיך אַרויסציען פון דער נעץ וואָס זיי האָבן מיר אונטערגעלייגט,
וואָרום דו ביסט מיין באַשיצונג,
6 אין דיין האַנט גיב איך איבער מיין גייסט;
וועסט מיך אויסלייזן, יהוה, דו גאָט געטרייער.
7 איך האָב פיינט די וואָס האַלטן זיך אָן פאַלשע נישטיקייטן,
וואָרום איך האָב מיך אויף גאָט פאַרזיכערט.
8 איך פריי זיך און בין לוסטיק מיט דיין חסד,
וואָרום האָסט געזען מיין פיין,
האָסט געמערקט די צרות פון מיין זעל.
9 און האָסט מיך ניט איבערגעענטפערט אין דער האַנט פונעם פיינט;
האָסט געשטעלט מיינע פיס אין דערברייטערניש.

10 לייטזעליק מיך, גאָט, וואָרום מיר איז ענג,
מאַט געוואָרן פון ערגערניש איז מיין אויג,
מיין זעל און מיין לייב.
11 וואָרום פאַרגאַנגען איז אין קומער מיין לעבן,
און מיינע יאָרן אין זיפצעניש;
אָפגעפאַלן פון וועגן מיינע זינד איז מיין כּוח,
און מיינע ביינער זיינען מאַט געוואָרן.
12 פון וועגן אַלע מיינע פיינט בין איך געוואָרן צו חרפּה,
און ביי מיינע שכנים, ביז גאָר,
און אַ גרויל ביי מיינע באַקאַנטע;
די וואָס זעען מיך אין גאַס, וווייכן פון מיר.
13 איך בין פאַרגעסן געוואָרן ווי אַ טויטער אויסן האַרצן,
איך בין געוואָרן ווי אַ פאַרדאָרבן געפעס.
14 וואָרום איך האָב געהערט דאָס גערייד פון פיל–
אַ שרעק רונד אַרום;
אַז זיי עצהן זיך מיטאַנאַנדער אויף מיר,
טראַכטן זיי מיין לעבן צו נעמען.
15 אָבער איך פאַרזיכער מיך אויף דיר, יהוה,
איך זאָג: מיין גאָט ביסט דו.
16 אין דיין האַנט זיינען מיינע צייטן,
זיי מיך מציל פון דער האַנט פון מיינע פיינט,
און פון מיינע נאָכיאָגער.
17 דערלייכט דיין פּנים אויף דיין קנעכט,
העלף מיך אין דיין גענאָד.
18 גאָט, ניט לאָמיך פאַרשעמט ווערן,
וואָרום איך האָב דיך גערופן;
זאָלן פאַרשעמט ווערן די רשעים,
זאָלן זיי אַנטשוויגן ווערן אין אונטערערד.
19 זאָלן שטום ווערן די ליפּן פון ליגן,
וואָס רעדן אויפן צדיק פאַרשייט,
מיט גאווה און פאַראַכטעניש.
20 ווי גרויס איז דיין גוטס,
וואָס דו האָסט באַהאַלטן פאַר די וואָס פאָרכטן דיך,
געמאַכט פאַר די וואָס שיצן זיך אין דיר
אַקעגן די מענטשנקינדער!
21 פאַרבאָרגסט זיי אין דער פאַרבאָרגעניש פון דיין פּנים,
פון די באַנדעס מענטשן;
באַהאַלטסט זיי אין אַ ביידל,
פון דעם קריג פון די צינגער.
22 געלויבט איז גאָט, וואָס האָט וווּנדערלעך באַוויזן
זיין חסד צו מיר אין דער באַלעגערטער שטאָט.
23 און איך האָב געוועסט געזאָגט אין מיין האַסט:
איך בין פאַרשניטן פון קעגן דיינע אויגן.
אָבער האָסט געהערט דעם קָול פון מיינע געבעטן,
אַז איך האָב געשריען צו דיר.
24 האָט ליב גאָט, איר אַלע זיינע פרומע;
די געטרייע טוט אָפּהיטן גאָט,
און באַצאָלט מיט אַן איבערמאָס דעם וואָס טוט האָפערדיק.
25 זייט שטאַרק, און זאָל פעסט זיין אַייער האַרץ,
איר אַלע וואָס האָפט צו גאָט.

לב

1 פון דודן אַ באַטראַכטונג.
ווויל צו דעם וואָס זיין פאַרברעך איז פאַרגעבן,
וואָס זיין חטא ווערט פאַרדעקט.
2 ווויל צו דעם מענטשן וואָס גאָט רעכנט אים ניט קיין זינד,
און אין זיין גייסט איז ניטאָ קיין באַטרוג.

ד בָּלוּ עֲצָמָי בְּשַׁאֲגָתִי כׇּל־הַיּוֹם׃ כִּי ׀ יוֹמָם וָלַיְלָה ׀ תִּכְבַּד
ה עָלַי יָדֶךָ נֶהְפַּךְ לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה׃ חַטָּאתִי
אוֹדִיעֲךָ וַעֲוֺנִי לֹא־כִסִּיתִי אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַיהֹוָה
ו וְאַתָּה נָשָׂאתָ עֲוֺן חַטָּאתִי סֶלָה׃ עַל־זֹאת יִתְפַּלֵּל כׇּל־
חָסִיד ׀ אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא
ז יַגִּיעוּ׃ אַתָּה ׀ סֵתֶר לִי מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי
ח סֶלָה׃ אַשְׂכִּילְךָ ׀ וְאוֹרְךָ בְּדֶרֶךְ־זוּ תֵלֵךְ אִיעֲצָה עָלֶיךָ
ט עֵינִי׃ אַל־תִּהְיוּ ׀ כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין בְּמֶתֶג וָרֶסֶן עֶדְיוֹ
י לִבְלוֹם בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ׃ רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע וְהַבּוֹטֵחַ
יא בַּיהֹוָה חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ׃ שִׂמְחוּ בַיהֹוָה וְגִילוּ צַדִּיקִים
וְהַרְנִינוּ כׇּל־יִשְׁרֵי־לֵב׃

## לג

א ב רַנְּנוּ צַדִּיקִים בַּיהֹוָה לַיְשָׁרִים נָאוָה תְהִלָּה׃ הוֹדוּ לַיהֹוָה
ג בְּכִנּוֹר בְּנֵבֶל עָשׂוֹר זַמְּרוּ־לוֹ׃ שִׁירוּ־לוֹ שִׁיר חָדָשׁ הֵיטִיבוּ
ד נַגֵּן בִּתְרוּעָה׃ כִּי־יָשָׁר דְּבַר־יְהֹוָה וְכׇל־מַעֲשֵׂהוּ בֶּאֱמוּנָה׃
ה ו אֹהֵב צְדָקָה וּמִשְׁפָּט חֶסֶד יְהֹוָה מָלְאָה הָאָרֶץ׃ בִּדְבַר
ז יְהֹוָה שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ וּבְרוּחַ פִּיו כׇּל־צְבָאָם׃ כֹּנֵס כַּנֵּד
ח מֵי הַיָּם נֹתֵן בְּאֹצָרוֹת תְּהוֹמוֹת׃ יִירְאוּ מֵיְהֹוָה כׇּל־
ט הָאָרֶץ מִמֶּנּוּ יָגוּרוּ כׇּל־יֹשְׁבֵי תֵבֵל׃ כִּי הוּא אָמַר וַיֶּהִי
י הוּא־צִוָּה וַיַּעֲמֹד׃ יְהֹוָה הֵפִיר עֲצַת גּוֹיִם הֵנִיא מַחְשְׁבוֹת
יא עַמִּים׃ עֲצַת יְהֹוָה לְעוֹלָם תַּעֲמֹד מַחְשְׁבוֹת לִבּוֹ לְדֹר
יב וָדֹר׃ אַשְׁרֵי הַגּוֹי אֲשֶׁר־יְהֹוָה אֱלֹהָיו הָעָם ׀ בָּחַר לְנַחֲלָה
יג לוֹ׃ מִשָּׁמַיִם הִבִּיט יְהֹוָה רָאָה אֶת־כׇּל־בְּנֵי הָאָדָם׃
יד טו מִמְּכוֹן שִׁבְתּוֹ הִשְׁגִּיחַ אֶל כׇּל־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ׃ הַיֹּצֵר יַחַד
טז לִבָּם הַמֵּבִין אֶל־כׇּל־מַעֲשֵׂיהֶם׃ אֵין הַמֶּלֶךְ נוֹשָׁע בְּרׇב־
יז חָיִל גִּבּוֹר לֹא־יִנָּצֵל בְּרׇב־כֹּחַ׃ שֶׁקֶר הַסּוּס לִתְשׁוּעָה
יח וּבְרֹב חֵילוֹ לֹא יְמַלֵּט׃ הִנֵּה עֵין יְהֹוָה אֶל־יְרֵאָיו לַמְיַחֲלִים
יט כ לְחַסְדּוֹ׃ לְהַצִּיל מִמָּוֶת נַפְשָׁם וּלְחַיּוֹתָם בָּרָעָב׃ נַפְשֵׁנוּ

לב,ט׳ ס״א בְּמֶתֶג־וָרֶסֶן עֶדְיוֹ

3 אַז איך האָב געשוויגן, האָבן מיינע ביינער געפוילט,
פון מיין קרעכצן אַ גאַנצן טאָג.
4 וואָרום טאָג און נאַכט פלעגט שווער זיין אויף מיר דיין האַנט,
מיין זאַפט איז פאַרביטן געוואָרן ווי אין פאַרטריקנטע זומערואיבס. סֶלָה.
5 האָב איך דיך געלאָזט וויסן מיין חטא,
און מיין זינד האָב איך ניט פאַרדעקט.
איך האָב געזאָגט: איך וועל זיך מודה זיין אויף מיינע פאַרברעכן צו גאָט;
און דו האָסט פאַרגעבן די שולד פון מיין זינד. סֶלָה.

6 אויף דעם זאָל איטלעכער פרומער מתפלל זיין צו דיר,
אין דער צייט וואָס מע קען דיך געפינען:
אַז די גרויסע וואַסערן פלייצן איבער,
זאָלן זיי צו אים אָבער ניט דערגרייכן.
7 דו ביסט מיין פאַרבאָרגעניש,
פון דעם פיינט באַהיטסטו מיךᵃ;
מיט געזאַנגען פון אַנטרינונג
רינגלסטו מיך אַרום. סֶלָה.

8 „איך וועל דיך קליגן און דיר ווייזן דעם וועג וואָס דו זאָלסט גיין,
איך וועל האַלטן מיין אויג אויף דיר."
9 איר זאָלט ניט זיין ווי אַ פערד, ווי אַ מוילאייזל, אָן פאַרשטאַנד,
וואָס מיט צאָם און געביס מוז מען איינהאַלטן זיין אימפעט;
אַז מע זאָל ניט קענען גענענען צו דיר.

10 פיל וויטאָקן האָט דער רשע,
אָבער דער וואָס פאַרזיכערט זיך אויף גאָט,
אים וועט אַרומרינגלען גענאָד.
11 פרייט זיך מיט גאָט, און זייט לוסטיק, צדיקים,
און זינגט, אַלע רעכטפאַרטיקע הערצער.

## לג

1 פרייט זיך צדיקים, מיט גאָט,
שיין פאַר די רעכטפאַרטיקע איז לויבונג.

2 גיט אַ דאַנק צו גאָט אויף אַ האַרף,
אויף אַ גיטאַר פון צען סטרונעס שפּילט צו אים.
3 זינגט צו אים אַ ניי געזאַנג,
שפּילט וווּל מיט געשאַל.
4 וואָרום רעכטפאַרטיק איז דאָס וואָרט פון גאָט,
און זיין יעטוועדער טואונג איז מיט טריישאַפט.
5 ער האָט ליב רעכט און גערעכטיקייט,
מיט דעם חסד פון גאָט איז פול די ערד.
6 מיט אַ וואָרט פון גאָט זיינען די הימלען געמאַכט געוואָרן,
און מיט אַ הויך פון זיין מויל זייער גאַנצער חיל.
7 ער זאַמלט ווי אַ סטויג די וואַסערן פון ים,
ער טוט אַריין אין שפייכלערס די תְּהומען.
8 מורא פאַר גאָט האָט די גאַנצע ערד,
פאַר אים פאַרכטן אַלע באַוווינער פון דער וועלט.
9 וואָרום ער זאָגט, און עס געשעט,
ער באַפעלט, און עס באַשטייט.
10 גאָט פאַרשטערט דעם באַראַט פון די פעלקער,
ער ווערט די מחשבות פון די אומות.

11 דער באַראַט פון גאָט וועט אויף אייביק באַשטיין,
די טראַכטונגען פון זיין האַרצן אויף דור־דורות.
12 ווויל צו דעם פאָלק וואָס יהוה איז זיין גאָט,
צו דער אומה וואָס ער האָט געווויילט זיך צום אַרב.
13 פון הימל לוגט גאָט,
ער זעט אַלע מענטשנקינדער;
14 פון דעם אָרט פון זיין וווינונג באַטראַכט ער
אַלע באַוווינער פון דער ערד;
15 ער וואָס פורעמט זייער אַלעמענס האַרץ,
וואָס פאַרשטייט אַלע זייערע מעשׂים.
16 אַ מלך ווערט ניט געהאָלפן דורך פיל חיל,
אַ גיבור ווערט ניט ניצול דורך גרויס כּוח;
17 אַן אָפּנאַר איז דער פערד פאַר הילף,
און מיט זיין גרויס כּוח וועט ער ניט מאַכן אַנטרינען.
18 זע, דאָס אויג פון גאָט איז אויף די וואָס פאַרכטן אים,
אויף די וואָס האָפן צו זיין חסד,
19 מציל צו זיין פון טויט זייער זעל,
און זיי צו דערהאַלטן אין הונגער.

ᵃ וואָרטשפיל: מִצַּר תִּצְּרֵנִי.

20 אונדזער זעל האָט געהאַרט אויף גאָט,
אונדזער הילף און אונדזער שילד איז ער.
21 וואָרום מיט אים פרייט זיך אונדזער האַרץ,
וואָרום אויף זיין הייליקן נאָמען האָבן מיר זיך פאַר־
זיכערט.
22 זאָל דיין חסד, גאָט, זיין אויף אונדז,
אַזוי ווי מיר האָבן געהאָפט צו דיר.

## לד

1 פון דודן; ווען ער האָט געביטן זיין שׂכל פאַר אַבימֶלֶכן, און ער האָט אים אַרויסגעטריבן, און ער איז אַוועק[א].

א 2 איך בענטש גאָט אין יעטוועדער צייט,
תמיד איז זיין לויב אין מיין מויל.
ב 3 מיט גאָט רימט זיך מיין זעל;
די גערדריקטע וועלן הערן און זיך פרייען.
ג 4 גרייסט גאָט מיט מיר,
און לאָמיר דערהייבן זיין נאָמען אין איינעם.
ד 5 איך האָב געזוכט גאָט, און ער האָט מיר געענטפערט,
און פון אַלע מיינע שרעקענישן האָט ער מיך מציל
געווען.
ה 6 זיי האָבן געקוקט צו אים, און האָבן אויפגעלויכטן,
ו און זייערע פנימער וועלן ניט פאַרשעמט ווערן.
ז 7 אָט האָט אַן אָרימאַן גערופן, און גאָט האָט צוגע־
הערט,
און פון אַלע זיינע צרות אים געהאָלפן.
ח 8 דער מלאך פון גאָט לאַגערט אַרום זיינע פאָרכטער,
און ער טוט זיי דערלייזן.
ט 9 באַטראַכט און זעט אַז גאָט איז גוט;
ווויל צו דעם מאַן וואָס שיצט זיך אין אים.
י 10 פאָרכט גאָט, איר זיינע הייליקע,
וואָרום זיינע פאָרכטער ווערט ניט פעלן.
כ 11 יונגלייבן דאַרן און הונגערן,
אָבער די וואָס זוכן גאָט פעלט ניט כל־טוב.
ל 12 קומט, קינדער, הערט מיר צו,
מורא פאַר גאָט וועל איך אַייך לערנען.
מ 13 ווער נאָר אַ מאַן וואָס וויל לעבן,
וואָס גאַרט טעג צו זען גוטס,
נ 14 היט דיין צונג פון שלעכטס,
און דיינע ליפן פון רעדן באַטרוג.
ס 15 קער זיך אָפּ פון שלעכטס, און טו גוטס,
זוך שלום און יאָג זיך נאָך אים.
ע 16 די אויגן פון גאָט זיינען אויף די צדיקים,
און זיינע אויערן אויף זייער געשריי.
פ 17 דער פנים פון גאָט איז קעגן די שלעכטסטוער.
צו פאַרשניידן פון דער ערד זייער געדעכעניש.
צ 18 זיי[ב] האָבן געשריען, און גאָט האָט זיי צוגעהערט,
און פון אַלע זייערע צרות זיי מציל געווען.
ק 19 גאָט איז נאָנט צו די צעבראָכענע הערצער,
און די דערשלאָגענע געמיטער טוט ער העלפן.
ר 20 פיל זיינען די אומגליקן פון צדיק,
אָבער פון זיי אַלע וועט אים מציל זיין גאָט.

כא חִכְּתָה לַיהוָה עֶזְרֵנוּ וּמָגִנֵּנוּ הוּא׃ כִּי בוֹ יִשְׂמַח לִבֵּנוּ
כב כִּי בְשֵׁם קָדְשׁוֹ בָטָחְנוּ׃ יְהִי־חַסְדְּךָ יְהוָה עָלֵינוּ כַּאֲשֶׁר
יִחַלְנוּ לָךְ׃

## לד

א לְדָוִד בְּשַׁנּוֹתוֹ אֶת־טַעְמוֹ לִפְנֵי אֲבִימֶלֶךְ וַיְגָרְשֵׁהוּ וַיֵּלַךְ׃
ב ג אֲבָרְכָה אֶת־יְהוָה בְּכָל־עֵת תָּמִיד תְּהִלָּתוֹ בְּפִי׃ בַּיהוָה
ד תִּתְהַלֵּל נַפְשִׁי יִשְׁמְעוּ עֲנָוִים וְיִשְׂמָחוּ׃ גַּדְּלוּ לַיהוָה אִתִּי
ה וּנְרוֹמְמָה שְׁמוֹ יַחְדָּו׃ דָּרַשְׁתִּי אֶת־יְהוָה וְעָנָנִי וּמִכָּל־
ו מְגוּרוֹתַי הִצִּילָנִי׃ הִבִּיטוּ אֵלָיו וְנָהָרוּ וּפְנֵיהֶם אַל־יֶחְפָּרוּ׃
ז ח זֶה עָנִי קָרָא וַיהוָה שָׁמֵעַ וּמִכָּל־צָרוֹתָיו הוֹשִׁיעוֹ׃ חֹנֶה
ט מַלְאַךְ־יְהוָה סָבִיב לִירֵאָיו וַיְחַלְּצֵם׃ טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי־טוֹב
י יְהוָה אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר יֶחֱסֶה־בּוֹ׃ יְראוּ אֶת־יְהוָה קְדֹשָׁיו כִּי
יא אֵין מַחְסוֹר לִירֵאָיו׃ כְּפִירִים רָשׁוּ וְרָעֵבוּ וְדֹרְשֵׁי יְהוָה
יב לֹא־יַחְסְרוּ כָל־טוֹב׃ לְכוּ־בָנִים שִׁמְעוּ־לִי יִרְאַת יְהוָה
יג אֲלַמֶּדְכֶם׃ מִי־הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים אֹהֵב יָמִים לִרְאוֹת
יד טו טוֹב׃ נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע וּשְׂפָתֶיךָ מִדַּבֵּר מִרְמָה׃ סוּר
טז מֵרָע וַעֲשֵׂה־טוֹב בַּקֵּשׁ שָׁלוֹם וְרָדְפֵהוּ׃ עֵינֵי יְהוָה אֶל־
יז צַדִּיקִים וְאָזְנָיו אֶל־שַׁוְעָתָם׃ פְּנֵי יְהוָה בְּעֹשֵׂי רָע לְהַכְרִית
יח מֵאֶרֶץ זִכְרָם׃ צָעֲקוּ וַיהוָה שָׁמֵעַ וּמִכָּל־צָרוֹתָם הִצִּילָם׃
יט כ קָרוֹב יְהוָה לְנִשְׁבְּרֵי־לֵב וְאֶת־דַּכְּאֵי־רוּחַ יוֹשִׁיעַ׃ רַבּוֹת
כא רָעוֹת צַדִּיק וּמִכֻּלָּם יַצִּילֶנּוּ יְהוָה׃ שֹׁמֵר כָּל־עַצְמוֹתָיו
כב אַחַת מֵהֵנָּה לֹא נִשְׁבָּרָה׃ תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה וְשֹׂנְאֵי
כג צַדִּיק יֶאְשָׁמוּ׃ פּוֹדֶה יְהוָה נֶפֶשׁ עֲבָדָיו וְלֹא יֶאְשְׁמוּ כָּל־
הַחֹסִים בּוֹ׃

## לה

א ב לְדָוִד ׀ רִיבָה יְהוָה אֶת־יְרִיבַי לְחַם אֶת־לֹחֲמָי׃ הַחֲזֵק
ג מָגֵן וְצִנָּה וְקוּמָה בְּעֶזְרָתִי׃ וְהָרֵק חֲנִית וּסְגֹר לִקְרַאת

ל ד, א׳ פתח בסוף פסוק   י׳ א׳ נחה   ל ה, א׳ פתח באתנח

ש 21 ער היט אָפּ אַלע זיינע ביינער,
ניט אַן איינציקער פון זיי ווערט צעבראָכן.
ת 22 דעם רשע וועט טייטן דאָס בייז,
און די שׂונאים פון צדיק וועלן פאַרוויסט ווערן.
23 גאָט לייזט אויס די זעל פון זיינע קנעכט,
און ניט פאַרוויסט ווערן וועלן אַלע וואָס שיצן זיך
אין אים.

## לה

1 פון דודן.
קריג, גאָט, מיט מיינע קריגער,
שטרייט מיט מיינע שטרייטער.
2 נעם אָן אַ שילד און אַ פאַנצער,
און שטיי אויף מיר צו הילף.
3 און צי אַרויס דעם שפּיז און די האַק
אַקעגן מיינע נאָכיאָגער;

[א] זע שמואל א׳ כא, 14.
[ב] פאַרבינדט זיך מיט פסוק 16.

רֹדְפָי אֱמֹר לְנַפְשִׁי יְשֻׁעָתֵךְ אָנִי׃ יֵבֹשׁוּ וְיִכָּלְמוּ מְבַקְשֵׁי ד
נַפְשִׁי יִסֹּגוּ אָחוֹר וְיַחְפְּרוּ חֹשְׁבֵי רָעָתִי׃ יִהְיוּ כְּמֹץ לִפְנֵי־ ה
רוּחַ וּמַלְאַךְ יְהוָה דּוֹחֶה׃ יְהִי־דַרְכָּם חֹשֶׁךְ וַחֲלַקְלַקֹּת ו
וּמַלְאַךְ יְהוָה רֹדְפָם׃ כִּי־חִנָּם טָמְנוּ־לִי שַׁחַת רִשְׁתָּם ז
חִנָּם חָפְרוּ לְנַפְשִׁי׃ תְּבוֹאֵהוּ שׁוֹאָה לֹא יֵדָע וְרִשְׁתּוֹ ח
אֲשֶׁר־טָמַן תִּלְכְּדוֹ בְּשׁוֹאָה יִפָּל־בָּהּ׃ וְנַפְשִׁי תָּגִיל בַּיהוָה ט
תָּשִׂישׂ בִּישׁוּעָתוֹ׃ כָּל עַצְמוֹתַי ׀ תֹּאמַרְנָה יְהוָה מִי כָמוֹךָ י
מַצִּיל עָנִי מֵחָזָק מִמֶּנּוּ וְעָנִי וְאֶבְיוֹן מִגֹּזְלוֹ׃ יְקוּמוּן עֵדֵי יא
חָמָס אֲשֶׁר לֹא־יָדַעְתִּי יִשְׁאָלוּנִי׃ יְשַׁלְּמוּנִי רָעָה תַּחַת יב
טוֹבָה שְׁכוֹל לְנַפְשִׁי׃ וַאֲנִי ׀ בַּחֲלוֹתָם לְבוּשִׁי שָׂק עִנֵּיתִי יג
בַצּוֹם נַפְשִׁי וּתְפִלָּתִי עַל־חֵיקִי תָשׁוּב׃ כְּרֵעַ כְּאָח־לִי יד
הִתְהַלָּכְתִּי כַּאֲבֶל־אֵם קֹדֵר שַׁחוֹתִי׃ וּבְצַלְעִי שָׂמְחוּ טו
וְנֶאֱסָפוּ נֶאֶסְפוּ עָלַי נֵכִים וְלֹא יָדַעְתִּי קָרְעוּ וְלֹא־דָמּוּ׃
בְּחַנְפֵי לַעֲגֵי מָעוֹג חָרֹק עָלַי שִׁנֵּימוֹ׃ אֲדֹנָי כַּמָּה תִּרְאֶה טז יז
הָשִׁיבָה נַפְשִׁי מִשֹּׁאֵיהֶם מִכְּפִירִים יְחִידָתִי׃ אוֹדְךָ בְּקָהָל יח
רָב בְּעָם עָצוּם אֲהַלְלֶךָּ׃ אַל־יִשְׂמְחוּ־לִי אֹיְבַי שֶׁקֶר שֹׂנְאַי יט
חִנָּם יִקְרְצוּ־עָיִן׃ כִּי לֹא שָׁלוֹם יְדַבֵּרוּ וְעַל רִגְעֵי־אֶרֶץ כ
דִּבְרֵי מִרְמוֹת יַחֲשֹׁבוּן׃ וַיַּרְחִיבוּ עָלַי פִּיהֶם אָמְרוּ הֶאָח ׀ כא
הֶאָח רָאֲתָה עֵינֵנוּ׃ רָאִיתָה יְהוָה אַל־תֶּחֱרַשׁ אֲדֹנָי אַל־ כב
תִּרְחַק מִמֶּנִּי׃ הָעִירָה וְהָקִיצָה לְמִשְׁפָּטִי אֱלֹהַי וַאדֹנָי כג
לְרִיבִי׃ שָׁפְטֵנִי כְצִדְקְךָ יְהוָה אֱלֹהָי וְאַל־יִשְׂמְחוּ־לִי׃ כד
אַל־יֹאמְרוּ בְלִבָּם הֶאָח נַפְשֵׁנוּ אַל־יֹאמְרוּ בִּלַּעֲנוּהוּ׃ כה
יֵבֹשׁוּ וְיַחְפְּרוּ ׀ יַחְדָּו שְׂמֵחֵי רָעָתִי יִלְבְּשׁוּ־בֹשֶׁת וּכְלִמָּה כו
הַמַּגְדִּילִים עָלָי׃ יָרֹנּוּ וְיִשְׂמְחוּ חֲפֵצֵי צִדְקִי וְיֹאמְרוּ תָמִיד כז
יִגְדַּל יְהוָה הֶחָפֵץ שְׁלוֹם עַבְדּוֹ׃ וּלְשׁוֹנִי תֶּהְגֶּה צִדְקֶךָ כח
כָּל־הַיּוֹם תְּהִלָּתֶךָ׃

---

י׳ קמץ רחב    יט׳ סגול באתנח    כב׳ פתח באתנח    כד׳ קמץ ברביע

זאָג צו מײַן זעל:
דײַן ישועה בין איך.
4 זאָלן פֿאַרשעמט און צו שאַנד װערן
די װאָס זוכן מײַן לעבן;
זאָלן אָפּטרעטן אַהינטער און זיך שעמען
די װאָס טראַכטן מיר בײז.
5 זאָלן זײ זײַן װי שפּרײַ פֿאַרן װינט,
און דער מלאך פֿון גאָט זאָל זײ שטױסן.
6 זאָל זײער װעג זײַן חושך און גליטשיק,
און דער מלאך פֿון גאָט זאָל זײ יאָגן.
7 װאָרום פֿאַר אומזיסט האָבן זײ מיר אונטערגעלײגט
זײער נעץ פֿון אונטערגאַנג,
פֿאַר אומזיסט האָבן זײ געגראָבן אױף מײַן זעל.
8 זאָל קומען אױף אים אַ בראָך אומגעריכט,
און זײַן נעץ װאָס ער האָט אונטערגעלײגט זאָל אים באַצװינגען;
מיט שטורעם זאָל ער פֿאַלן דערין.
9 און מײַן זעל װעט זיך פֿרײען מיט גאָט,
זי װעט לוסטיק זײַן מיט זײַן ישועה.
10 אַלע מײַנע בײנער װעלן זאָגן:
װער אַזױ װי דו, גאָט,
איז מציל דעם אָרימאַן פֿון דעם שטאַרקערן פֿון אים,
יאָ, דעם אָרימאַן און דעם אביון פֿון דעם װאָס באַגזלט אים.

11 פֿאַלשע עדות שטײען אױף,
װאָס איך װײס ניט פֿרעגן זײ מיך.
12 זײ צאָלן מיר אַ רעה פֿאַר אַ טובֿה,
פֿאַריָתומט איז מײַן זעל.
13 און איך, אַז זײ זײַנען קראַנק געװען,
איז מײַן אָנקלײד געװען זאַק,
איך האָב געפּײַניקט מיט פֿאַסטן מײַן לײַב;
און מײַן תּפֿילה—זאָל עס אָנקומען אין מײַן בוזעם!
14 װי בײַ אַ חבֿר, װי בײַ אַ ברודער מײַנעם,
בין איך אַרומגעגאַנגען,
װי אין טרױער נאָך אַ מאַמען,
פֿינצטער געבױגן בין איך געװען.

15 אָבער אַז איך פֿאַל, פֿרײען זײ זיך, און קלײַבן זיך אױף;
עס קלײַבן זיך אַרום מיר שלעגער װאָס איך קען ניט;
זײ רײַסן און הערן ניט אױף.
16 מיט פֿאַלשע רכילות־געשפּעטן
קריצן זײ אױף מיר זײערע צײן.

17 גאָט, װי לאַנג װעסטו צוזען?
נעם אַװעק מײַן זעל פֿון זײערע פֿאַרװיסטונגען,
פֿון די יונגלײבן מײַן אײנאײנציקע[א].
18 איך װעל דיר דאַנקען אין אַ גרױס געזעמל,
אין פֿיל פֿאָלק װעל איך דיך לױבן.
19 זאָלן זיך ניט פֿרײען איבער מיר
די װאָס זײַנען מיר פֿײַנט פֿאַר גאָרנישט;
מײַנע אומזיסטיקע שׂונאים
װאָס װינקען מיטן אױג.
20 װאָרום אומשלום רעדן זײ,
און קעגן די שטילע פֿון דער ערד
טראַכטן זײ אױס פֿאַלשע שטיק.
21 און זײ עפֿענען ברײט זײער מױל אױף מיר;
זײ זאָגן: אַהאַ! אַהאַ! אונדזער אױג האָט דערלעבט.

[א] ד. ה. מײַן זעל.

22 דו האָסט געזען, גאָט, זאָלסטו ניט פֿאַרשװײַגן;
גאָט, זאָלסט זיך ניט דערװײַטערן פֿון מיר.
23 דערװעק דיך און װאַך אױף צו מײַן משפּט,
צו מײַן קריג, מײַן גאָט און מײַן האַר.
24 משפּט מיך לױט דײַן גערעכטיקײט, יהוה מײַן גאָט,
און זאָלן זײ זיך ניט פֿרײען איבער מיר.
25 זאָלן זײ ניט זאָגן אין זײער האַרצן:
אַהאַ! אונדזער באַגער!
זאָלן זײ ניט זאָגן:
מיר האָבן אים אַײַנגעשלונגען!
26 זאָלן פֿאַרשעמט און צו שאַנד װערן אין אײנעם
די װאָס פֿרײען זיך אױף מײַן אומגליק;
זאָלן באַקלײדט װערן מיט בושה און שמאַך
די װאָס גרײסן זיך איבער מיר.
27 זאָלן זינגען און זיך פֿרײען
די װאָס באַגערן מײַן גערעכטיקײט;
און זאָלן זײ תּמיד זאָגן: געגרײסט זאָל זײַן גאָט,
װאָס באַגערט דעם פֿריד פֿון זײַן קנעכט.
28 און מײַן צונג װעט רעדן דײַן גערעכטיקײט,
אַ גאַנצן טאָג דײַן לױב.

## לו

א ב לַמְנַצֵּחַ לְעֶבֶד־יְהֹוָה לְדָוִד׃ נְאֻם־פֶּשַׁע לָרָשָׁע בְּקֶרֶב
ג לִבִּי אֵין־פַּחַד אֱלֹהִים לְנֶגֶד עֵינָיו׃ כִּי־הֶחֱלִיק אֵלָיו בְּעֵינָיו
ד לִמְצֹא עֲוֺנוֹ לִשְׂנֹא׃ דִּבְרֵי־פִיו אָוֶן וּמִרְמָה חָדַל לְהַשְׂכִּיל
ה לְהֵיטִיב׃ אָוֶן ׀ יַחְשֹׁב עַל־מִשְׁכָּבוֹ יִתְיַצֵּב עַל־דֶּרֶךְ לֹא־
ו טוֹב רָע לֹא יִמְאָס׃ יְהֹוָה בְּהַשָּׁמַיִם חַסְדֶּךָ אֱמוּנָתְךָ עַד־
ז שְׁחָקִים׃ צִדְקָתְךָ ׀ כְּהַרְרֵי־אֵל מִשְׁפָּטֶךָ תְּהוֹם רַבָּה
ח אָדָם וּבְהֵמָה תוֹשִׁיעַ ׀ יְהֹוָה׃ מַה־יָּקָר חַסְדְּךָ אֱלֹהִים
ט וּבְנֵי אָדָם בְּצֵל כְּנָפֶיךָ יֶחֱסָיוּן׃ יִרְוְיֻן מִדֶּשֶׁן בֵּיתֶךָ וְנַחַל
י עֲדָנֶיךָ תַשְׁקֵם׃ כִּי־עִמְּךָ מְקוֹר חַיִּים בְּאוֹרְךָ נִרְאֶה־אוֹר׃
יא יב מְשֹׁךְ חַסְדְּךָ לְיֹדְעֶיךָ וְצִדְקָתְךָ לְיִשְׁרֵי־לֵב׃ אַל־תְּבוֹאֵנִי
יג רֶגֶל גַּאֲוָה וְיַד־רְשָׁעִים אַל־תְּנִדֵנִי׃ שָׁם נָפְלוּ פֹּעֲלֵי אָוֶן
דֹּחוּ וְלֹא־יָכְלוּ קוּם׃

## לז

א ב לְדָוִד ׀ אַל־תִּתְחַר בַּמְּרֵעִים אַל־תְּקַנֵּא בְּעֹשֵׂי עַוְלָה׃ כִּי
ג כֶחָצִיר מְהֵרָה יִמָּלוּ וּכְיֶרֶק דֶּשֶׁא יִבּוֹלוּן׃ בְּטַח בַּיהֹוָה
ד וַעֲשֵׂה־טוֹב שְׁכָן־אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה׃ וְהִתְעַנַּג עַל־יְהֹוָה
ה וְיִתֶּן־לְךָ מִשְׁאֲלֹת לִבֶּךָ׃ גּוֹל עַל־יְהֹוָה דַּרְכֶּךָ וּבְטַח עָלָיו
ו וְהוּא יַעֲשֶׂה׃ וְהוֹצִיא כָאוֹר צִדְקֶךָ וּמִשְׁפָּטֶךָ כַּצָּהֳרָיִם׃
ז דּוֹם ׀ לַיהֹוָה וְהִתְחוֹלֵל לוֹ אַל־תִּתְחַר בְּמַצְלִיחַ דַּרְכּוֹ
ח בְּאִישׁ עֹשֶׂה מְזִמּוֹת׃ הֶרֶף מֵאַף וַעֲזֹב חֵמָה אַל־תִּתְחַר
ט אַךְ לְהָרֵעַ׃ כִּי־מְרֵעִים יִכָּרֵתוּן וְקוֵֹי יְהֹוָה הֵמָּה יִירְשׁוּ־
י אָרֶץ׃ וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל־מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ׃
יא יב וַעֲנָוִים יִירְשׁוּ־אָרֶץ וְהִתְעַנְּגוּ עַל־רֹב שָׁלוֹם׃ זֹמֵם רָשָׁע
יג לַצַּדִּיק וְחֹרֵק עָלָיו שִׁנָּיו׃ אֲדֹנָי יִשְׂחַק־לוֹ כִּי־רָאָה כִּי־
יד יָבֹא יוֹמוֹ׃ חֶרֶב ׀ פָּתְחוּ רְשָׁעִים וְדָרְכוּ קַשְׁתָּם לְהַפִּיל
טו עָנִי וְאֶבְיוֹן לִטְבוֹחַ יִשְׁרֵי־דָרֶךְ׃ חַרְבָּם תָּבוֹא בְלִבָּם
טז וְקַשְּׁתוֹתָם תִּשָּׁבַרְנָה׃ טוֹב מְעַט לַצַּדִּיק מֵהֲמוֹן רְשָׁעִים

לז, טו׳ פתח באסיף

---

## לו

[1] פאַר דעם געזאַנגמייסטער; פון דעם קנעכט פון גאָט, פון דודן.
[2] די זינד רעדט צום רשע–קלער איך אין האַרצן;
ניטאָ גאָטס מורא פאַר זיינע אויגן.
[3] וואָרום צופיל חנפעט זי אים אין זיינע אויגן,
אַז ער זאָל קענען פיינט האָבן זיין פאַרברעך.
[4] די ווערטער פון זיין מויל זיינען אומרעכט און באַטרוג,
ער האָט אויפגעהערט פאַרשטיין צו טאָן גוטס.
[5] אומרעכט טראַכט ער אויף זיין געלעגער,
ער שטייט אויפן ניט גוטן וועג,
דאָס בייז ווערט אים ניט נמאס.

[6] גאָט, ביז אין די הימלען איז דיין חסד,
דיין טריישאַפט ביז די וואָלקן.
[7] דיין גערעכטיקייט איז ווי די מאַכטיקע בערג,
דיינע משפטים ווי דער גרויסער תהום;
מענטשן און בהמות טוסטו העלפן, גאָט.
[8] ווי טייער איז דיין חסד, גאָט,
און די מענטשנקינדער שיצן זיך
אין שאָטן פון דיינע פליגלען.
[9] זיי זעטן זיך מיט דער פעטקייט פון דיין הויז,
און פון דעם טייך פון דיינע תענוגים טרינקסטו זיי אָן.
[10] וואָרום ביי דיר איז דער קוואַל פון לעבן,
אין דיין ליכט זעען מיר ליכטיקייט[א].
[11] צי אויס דיין חסד צו די וואָס קענען דיך,
און דיין גערעכטיקייט צו די רעכטפאַרטיקע הערצער.
[12] זאָל ניט צוקומען צו מיר דער פוס פון גאווה,
און די האַנט פון רשעים זאָל מיך ניט פאַרוואָגלען.

[13] אָן זיינען געפאַלן די טוער פון אומרעכט,
זיי זיינען אַנידערגעשטויסן, און קענען ניט אויפשטיין.

## לז

[1] פון דודן.
א זאָלסט זיך ניט ערגערן וועגן די שלעכטסטוער,
זאָלסט ניט מקנא זיין די וואָס טוען אומרעכט.
[2] וואָרום גיך ווי גראָז וועלן זיי פאַרשניטן ווערן,
און ווי גרינע קרייטעכץ וועלן זיי פאַרוועלקט ווערן.

ב [3] פאַרזיכער זיך אויף גאָט, און טו גוטס,
זיץ רואיק אין לאַנד, און היט אָפּ וואָרהאַפטיקייט,
[4] און קוויק זיך מיט גאָט,
און ער וועט דיר געבן די פאַרלאַנגען פון דיין האַרצן.

ג [5] פאַרלאָז אויף גאָט דיין וועג,
און פאַרזיכער זיך אויף אים, און ער וועט טאָן.
[6] און ער וועט אַרויסברענגען ווי דאָס ליכט דיין
גערעכטיקייט,
און דיין משפט ווי דער מיטן טאָג.

ד [7] האַר צו גאָט, און האָף צו אים,
זאָלסט זיך ניט ערגערן וועגן דעם וואָס איז מצליח
אויף זיין וועג,
וועגן דעם מאַן וואָס טוט ליסטיקייטן.

ה [8] לאָז אָפּ פון כּעס, און פאַרלאָז גרימצאָרן;
זאָלסט זיך ניט ערגערן; דאָס פירט בלויז צום בייזן.
[9] וואָרום די שלעכטסטוער וועלן פאַרשניטן ווערן,
און די וואָס האָפן צו גאָט, זיי וועלן אַרבן דאָס לאַנד.

ו [10] און נאָך אַ קליין ווילע, און דער רשע וועט ניט זיין,
און וועסט זיך אומקוקן אויף זיין אָרט, און ער איז
ניטאָ.
[11] אָבער די געדריקטע וועלן אַרבן דאָס לאַנד,
און וועלן זיך קוויקן מיט גרויס פריד.

ז [12] דער רשע טראַכט בייז קעגן צדיק,
און ער קריצט אויף אים זיינע ציין.
[13] גאָט לאַכט פון אים,
וואָרום ער זעט אַז זיין טאָג וועט קומען.

ח [14] די רשעים ציען אַרויס די שווערד,
און שפּאַנען זייער בויגן,
צו מאַכן פאַלן דעם אָרימאַן און דעם אביון,
צו שעכטן די וואָס זייער וועג איז גלייך.
[15] וועט זייער שווערד אַריין אין זייער האַרצן,
און זייערע בויגנס וועלן צעבראָכן ווערן.

ט [16] בעסער דאָס ביסל ביים צדיק,
איידער די שפע פון פיל רשעים.

[א] וואָרטשפּיל: נִרְאֶה־אוֹר.

רַבִּים׃ כִּי זְרוֹעוֹת רְשָׁעִים תִּשָּׁבַרְנָה וְסוֹמֵךְ צַדִּיקִים יז
יְהוָה׃ יוֹדֵעַ יְהוָה יְמֵי תְמִימִם וְנַחֲלָתָם לְעוֹלָם תִּהְיֶה׃ יח
לֹא־יֵבֹשׁוּ בְּעֵת רָעָה וּבִימֵי רְעָבוֹן יִשְׂבָּעוּ׃ כִּי רְשָׁעִים ׀ יט כ
יֹאבֵדוּ וְאֹיְבֵי יְהוָה כִּיקַר כָּרִים כָּלוּ בֶעָשָׁן כָּלוּ׃ לֹוֶה כא
רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם וְצַדִּיק חוֹנֵן וְנוֹתֵן׃ כִּי מְבֹרָכָיו יִירְשׁוּ כב
אָרֶץ וּמְקֻלָּלָיו יִכָּרֵתוּ׃ מֵיְהוָה מִצְעֲדֵי־גֶבֶר כּוֹנָנוּ וְדַרְכּוֹ כג
יֶחְפָּץ׃ כִּי־יִפֹּל לֹא־יוּטָל כִּי יְהוָה סוֹמֵךְ יָדוֹ׃ נַעַר הָיִיתִי כד כה
גַּם־זָקַנְתִּי וְלֹא־רָאִיתִי צַדִּיק נֶעֱזָב וְזַרְעוֹ מְבַקֶּשׁ־לָחֶם׃
כָּל־הַיּוֹם חוֹנֵן וּמַלְוֶה וְזַרְעוֹ לִבְרָכָה׃ סוּר מֵרָע וַעֲשֵׂה־ כו כז
טוֹב וּשְׁכֹן לְעוֹלָם׃ כִּי יְהוָה ׀ אֹהֵב מִשְׁפָּט וְלֹא־יַעֲזֹב אֶת־ כח
חֲסִידָיו לְעוֹלָם נִשְׁמָרוּ וְזֶרַע רְשָׁעִים נִכְרָת׃ צַדִּיקִים כט
יִירְשׁוּ־אָרֶץ וְיִשְׁכְּנוּ לָעַד עָלֶיהָ׃ פִּי־צַדִּיק יֶהְגֶּה חָכְמָה ל
וּלְשׁוֹנוֹ תְּדַבֵּר מִשְׁפָּט׃ תּוֹרַת אֱלֹהָיו בְּלִבּוֹ לֹא תִמְעַד לא
אֲשֻׁרָיו׃ צוֹפֶה רָשָׁע לַצַּדִּיק וּמְבַקֵּשׁ לַהֲמִיתוֹ׃ יְהוָה לֹא־ לב לג
יַעַזְבֶנּוּ בְיָדוֹ וְלֹא יַרְשִׁיעֶנּוּ בְּהִשָּׁפְטוֹ׃ קַוֵּה אֶל־יְהוָה ׀ וּשְׁמֹר לד
דַּרְכּוֹ וִירוֹמִמְךָ לָרֶשֶׁת אָרֶץ בְּהִכָּרֵת רְשָׁעִים תִּרְאֶה׃
רָאִיתִי רָשָׁע עָרִיץ וּמִתְעָרֶה כְּאֶזְרָח רַעֲנָן׃ וַיַּעֲבֹר וְהִנֵּה לה לו
אֵינֶנּוּ וָאֲבַקְשֵׁהוּ וְלֹא נִמְצָא׃ שְׁמָר־תָּם וּרְאֵה יָשָׁר כִּי־ לז
אַחֲרִית לְאִישׁ שָׁלוֹם׃ וּפֹשְׁעִים נִשְׁמְדוּ יַחְדָּו אַחֲרִית לח
רְשָׁעִים נִכְרָתָה׃ וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְהוָה מָעוּזָּם בְּעֵת לט
צָרָה׃ וַיַּעְזְרֵם יְהוָה וַיְפַלְּטֵם יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם מ
כִּי חָסוּ בוֹ׃

## לח

מִזְמוֹר לְדָוִד לְהַזְכִּיר׃ יְהוָה אַל־בְּקֶצְפְּךָ תוֹכִיחֵנִי וּבַחֲמָתְךָ א ב
תְיַסְּרֵנִי׃ כִּי־חִצֶּיךָ נִחֲתוּ בִי וַתִּנְחַת עָלַי יָדֶךָ׃ אֵין־מְתֹם ג ד
בִּבְשָׂרִי מִפְּנֵי זַעְמֶךָ אֵין־שָׁלוֹם בַּעֲצָמַי מִפְּנֵי חַטָּאתִי׃
כִּי עֲוֺנֹתַי עָבְרוּ רֹאשִׁי כְּמַשָּׂא כָבֵד יִכְבְּדוּ מִמֶּנִּי׃ הִבְאִישׁוּ ה ו

---

לז, יז' פתח באס״ף לט' שורק עם ה תש

17 וואָרום די אָרעמס פון די רשעים וועלן צעבראָכן ווערן,
אָבער די צדיקים לענט אונטער גאָט.

י 18 גאָט מערקט די טעג פון די אומשולדיקע,
און זייער אַרב וועט זיין אויף אייביק.
19 זיי וועלן ניט פאַרשעמט ווערן אין צייט פון בייז,
און אין טעג פון הונגער וועלן זיי זאַט זיין.

כ 20 וואָרום די רשעים וועלן אונטערגיין,
און די פיינט פון גאָט אַזוי ווי שווערע לעמער;
זיי פאַרגייען, אין רויך פאַרגייען זיי.

ל 21 דער רשע לייט און באַצאָלט ניט,
און דער צדיק לייטזעליקט און גיט.
22 וואָרום זיינע געבענטשטע אַרבן דאָס לאַנד,
און זיינע פאַרשאָלטענע ווערן פאַרשניטן.

מ 23 פון גאָט ווערן אָנגעשטעלט די טריט פון מענטשן,
און ער באַווילִיקט זיין וועג.
24 אַז ער פאַלט, בלייבט ער ניט ליגן,
וואָרום גאָט לענט אונטער זיין האַנט.

נ 25 איך בין יונג געווען און בין אַלט געוואָרן,
און איך האָב ניט געזען אַ צדיק פאַרלאָזן,
און זיין זאָמען בעטלענדיק ברויט.
26 אַ גאַנצן טאָג איז ער לייטזעליק און אַנטלייט,
און זיין זאָמען איז אַ בענטשונג.

ס 27 קער זיך אָפּ פון שלעכטס, און טו גוטס,
און בלייב רוען אויף אייביק.
28 וואָרום גאָט האָט ליב גערעכטיקייט,
און פאַרלאָזט ניט זיינע פרומע;
אייביק ווערן זיי אָפּגעהיט,
אָבער דער זאָמען פון די רשעים ווערט פאַרשניטן.
29 די צדיקים וועלן אַרבן דאָס לאַנד,
און וועלן וווינען דערויף שטענדיק.

פ 30 דאָס מויל פון דעם צדיק לאָזט אַרויס חכמה,
און זיין צונג רעדט גערעכטיקייט.

31 די תּורה פון זיין גאָט איז אין זיין האַרצן,
זיינע טריט גליטשן זיך ניט אויס.

צ 32 דער רשע קוקט אויס אויפן צדיק,
און זוכט אים צו טייטן.
33 גאָט וועט אים ניט איבערלאָזן אין זיין האַנט,
און ניט לאָזן אים שולדיק מאַכן, אַז ער ווערט געמשפּט.

ק 34 האָף צו גאָט, און היט זיין וועג,
און ער וועט דיך דערהייבן צו אַרבן דאָס לאַנד;
וועסט צוזען ווי די רשעים ווערן פאַרשניטן.

ר 35 איך האָב געזען דעם רשע מאַכטיק,
און צעשפּרייט ווי אַ צווייגהאַפטיקער אַלטגעווּקסענער בוים;
36 אָבער מע איז פאַרבייגעגאַנגען,
ערשט ער איז ניטאָ,
און איך האָב אים געזוכט,
און ער איז ניט געווען צו געפינען.

ש 37 באַטראַכט דעם אומשולדיקן, און זע דעם רעכט־פאַרטיקן,
אַז דער סוף פון איטלעכן איז אַ גליקלעכער.
38 און די פאַרברעכער ווערן פאַרטיליקט אין איינעם,
דער סוף פון די רשעים ווערט פאַרשניטן.

ת 39 אָבער די הילף פון די צדיקים איז פון גאָט,
זייער פעסטונג אין צייט פון נויט.
40 און גאָט שטייט זיי בײַ, און מאַכט זיי אַנטרינען,
ער מאַכט זיי אַנטרינען פון די רשעים, און העלפט זיי,
ווייל זיי האָבן זיך געשיצט אין אים.

## לח

1 אַ מִזמור פון דודן, אויף אַ דערמאָנונג.
2 ניט אין דיין כּעס, גאָט, זאָלסטו מיך מוסרן,
און אין דיין גרימצאָרן זאָלסטו מיך שטראָפן.
3 וואָרום דיינע פיילן האָבן גענידערט אין מיר,
און אויף מיר האָט גענידערט דיין האַנט.
4 ניטאָ קיין גאַנץ גליד אין מיין לייב פון וועגן דיין צאָרן,
ניטאָ קיין פריד אין מיינע ביינער פון וועגן מיין חטא.
5 וואָרום מיינע זינד גייען איבער מיין קאָפּ,
ווי אַ שווערע משׂא זיינען זיי צו שווער פאַר מיר.
6 עס פוילן, עס אֵייטערן מיינע וווּנדן

פון וועגן מיין נאַרישקייט;
7 איך בין צעקרימט, איך בין געבויגן ביז גאָר,
אַ גאַנצן טאָג גיי איך אום פינצטער.
8 וואָרום מיינע לענדן זיינען פול מיט בראַנד,
און ניטאָ קיין גאַנץ גליד אין מיין לייב.
9 איך בין באַנומען און דערשלאָגן ביז גאָר,
איך שריי פון דער ברומונג פון מיין האַרצן.

10 גאָט, אַל מיין קרעכצן איז פאַר דיר,
און מיין זיפצן איז פון דיר ניט פאַרבאָרגן.
11 מיין האַרץ שווינדלט,
מיין כּוח האָט מיך פאַרלאָזט;
און דאָס ליכט פון מיינע אויגן,
דאָס אויך איז ביי מיר מער ניטאָ.
12 מיינע גוטע פריינט און מיינע חברים שטייען אַוועק
פון מיין פלאָג,
און מיינע נאָענטע שטייען פון דער ווייטן.
13 און נעצן לייגן די וואָס זוכן מיין לעבן,
און די וואָס זיינען מיר אויסן בייז רעדן אומגליקן,
און באַטרוגן טראַכטן זיי אַ גאַנצן טאָג.
14 און איך בין ווי אַ טויבער, איך הער ניט,
און ווי אַ שטומער וואָס עפנט ניט זיין מויל.
15 יאָ, איך בין ווי אַ מענטש וואָס הערט ניט,
און אין זיין מויל זיינען קיין טענות ניטאָ.

16 וואָרום צו דיר, יהוה, טו איך האָפן;
דו וועסט ענטפערן, האַר מיין גאָט.
17 וואָרום איך זאָג:
זאָלן זיי ניט דערפרייט ווערן איבער מיר;
אַז מיין פוס גליטשט זיך אויס,
גרייסן זיי זיך איבער מיר.
18 וואָרום איך בין אָנגעברייט צום פאַלן,
און מיין ווייטאָק איז אַנטקעגן מיר תּמיד.
19 וואָרום איך גיב צו מיין זינד,
איך בין באַקומערט וועגן מיין חטא.
20 און מיינע פיינט אום לעבן זיינען שטאַרק,
און פיל מיינע שׂונאים פאַר גאָרנישט.
21 און די וואָס באַצאָלן אַ רעה פאַר אַ טובה,
פיינטן מיך פאַר מיין נאָכיאָגן גוטס.
22 ניט פאַרלאָזן זאָלסטו מיך, יהוה,
ניט דערווייטערן זאָלסטו זיך פון מיר, מיין גאָט.
23 אַייל מיר צו הילף,
גאָט מיין ישועה.

# לט

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער, פאַר ידותון; אַ מִזמור פון דודן.
2 איך האָב געזאָגט: איך וועל היטן מיינע וועגן
פון צו זינדיקן מיט מיין צונג;
איך וועל האַלטן אַ שלאָס אויף מיין מויל,
בעת דער רשע איז פאַר מיר.
3 איך בין שטיל אַנטשטומט געווען,
איך האָב געשוויגן, אָן גוטס,
און מיין ווייטאָק איז געווען אַיינגעהאַלטן.
4 איז מיין האַרץ אין מיר הייס געוואָרן,
האָט אין מיין געמיט זיך אַ פייער צעברענט;
האָב איך גערעדט מיט מיין צונג:
5 לאָז מיך וויסן, גאָט, מיין סוף,
און די מאָס פון מיינע טעג, וואָס זי איז,
לאָמיך וויסן ווי פאַרגייאיק איך בין.
6 זע, ווי אַ שפּאַן האָסטו געמאַכט מיינע טעג,
און מיין געדויער איז ווי גאָרנישט קעגן דיר;
פאַרוואָר, אַ בלויזער הויך וואָס באַשטייט איז איטלעכער
מענטש. סֶלָה.
7 בלויז ווי אַן אָפּדוכט גייט אום דער מענטש,
בלויז אומנישט טומלען זיי;
ער קלייבט, און ער ווייס ניט ווער דאָס וועט אַיינזאַמלען.

8 און אַצונד, וואָס זאָל איך האָפן, גאָט?
מיין אויסקוק, ער איז אויף דיר.
9 זיי מיך מציל פון אַלע מיינע פאַרברעכן;
זאָלסט מיך ניט מאַכן צום שפּאָט פון דעם נידערטרעכטיקן.
10 איך בין שטום, איך עפן ניט מיין מויל,
וואָרום דו האָסט עס געטאָן.
11 טו אָפּ פון מיר דיין פלאָג,
פון דעם שטרייט פון דיין האַנט ווער איך פאַרלענדט.
12 וואָלסטו מיט שטראָפרייד געמוסרט דעם מענטשן פאַר
זינד!

ז נָמַקּוּ חַבּוּרֹתָי מִפְּנֵי אִוַּלְתִּי׃ נַעֲוֵיתִי שַׁחֹתִי עַד־מְאֹד כָּל־
ח הַיּוֹם קֹדֵר הִלָּכְתִּי׃ כִּי־כְסָלַי מָלְאוּ נִקְלֶה וְאֵין מְתֹם
ט בִּבְשָׂרִי׃ נְפוּגֹתִי וְנִדְכֵּיתִי עַד־מְאֹד שָׁאַגְתִּי מִנַּהֲמַת לִבִּי׃
י יא אֲדֹנָי נֶגְדְּךָ כָל־תַּאֲוָתִי וְאַנְחָתִי מִמְּךָ לֹא־נִסְתָּרָה׃ לִבִּי
יב סְחַרְחַר עֲזָבַנִי כֹחִי וְאוֹר עֵינַי גַּם־הֵם אֵין אִתִּי׃ אֹהֲבַי ׀
יג וְרֵעַי מִנֶּגֶד נִגְעִי יַעֲמֹדוּ וּקְרוֹבַי מֵרָחֹק עָמָדוּ׃ וַיְנַקְשׁוּ ׀
מְבַקְשֵׁי נַפְשִׁי וְדֹרְשֵׁי רָעָתִי דִּבְּרוּ הַוּוֹת וּמִרְמוֹת כָּל־
יד הַיּוֹם יֶהְגּוּ׃ וַאֲנִי כְחֵרֵשׁ לֹא אֶשְׁמָע וּכְאִלֵּם לֹא יִפְתַּח־
טו טז פִּיו׃ וָאֱהִי כְּאִישׁ אֲשֶׁר לֹא־שֹׁמֵעַ וְאֵין בְּפִיו תּוֹכָחוֹת׃ כִּי־
יז לְךָ יְהוָה הוֹחָלְתִּי אַתָּה תַעֲנֶה אֲדֹנָי אֱלֹהָי׃ כִּי־אָמַרְתִּי
יח פֶּן־יִשְׂמְחוּ־לִי בְּמוֹט רַגְלִי עָלַי הִגְדִּילוּ׃ כִּי־אֲנִי לְצֶלַע
יט נָכוֹן וּמַכְאוֹבִי נֶגְדִּי תָמִיד׃ כִּי־עֲוֺנִי אַגִּיד אֶדְאַג מֵחַטָּאתִי׃
כ כא וְאֹיְבַי חַיִּים עָצֵמוּ וְרַבּוּ שֹׂנְאַי שָׁקֶר׃ וּמְשַׁלְּמֵי רָעָה תַּחַת
כב טוֹבָה יִשְׂטְנוּנִי תַּחַת רָדְופִי־טוֹב׃ אַל־תַּעַזְבֵנִי יְהוָה אֱלֹהַי
כג אַל־תִּרְחַק מִמֶּנִּי׃ חוּשָׁה לְעֶזְרָתִי אֲדֹנָי תְּשׁוּעָתִי׃

## לט

א ב לַמְנַצֵּחַ לִידִיתוּן מִזְמוֹר לְדָוִד׃ אָמַרְתִּי אֶשְׁמְרָה דְרָכַי
מֵחֲטוֹא בִלְשׁוֹנִי אֶשְׁמְרָה־לְפִי מַחְסוֹם בְּעֹד רָשָׁע לְנֶגְדִּי׃
ג ד נֶאֱלַמְתִּי דוּמִיָּה הֶחֱשֵׁיתִי מִטּוֹב וּכְאֵבִי נֶעְכָּר׃ חַם־לִבִּי ׀
ה בְּקִרְבִּי בַּהֲגִיגִי תִבְעַר־אֵשׁ דִּבַּרְתִּי בִּלְשׁוֹנִי׃ הוֹדִיעֵנִי
יְהוָה ׀ קִצִּי וּמִדַּת יָמַי מַה־הִיא אֵדְעָה מֶה־חָדֵל אָנִי׃
ו הִנֵּה טְפָחוֹת ׀ נָתַתָּה יָמַי וְחֶלְדִּי כְאַיִן נֶגְדֶּךָ אַךְ־כָּל־הֶבֶל
ז כָּל־אָדָם נִצָּב סֶלָה׃ אַךְ־בְּצֶלֶם ׀ יִתְהַלֶּךְ־אִישׁ אַךְ־הֶבֶל
ח יֶהֱמָיוּן יִצְבֹּר וְלֹא־יֵדַע מִי־אֹסְפָם׃ וְעַתָּה מַה־קִּוִּיתִי אֲדֹנָי
ט תּוֹחַלְתִּי לְךָ הִיא׃ מִכָּל־פְּשָׁעַי הַצִּילֵנִי חֶרְפַּת נָבָל אַל־
י יא תְּשִׂימֵנִי׃ נֶאֱלַמְתִּי לֹא אֶפְתַּח־פִּי כִּי אַתָּה עָשִׂיתָ׃ הָסֵר
יב מֵעָלַי נִגְעֶךָ מִתִּגְרַת יָדְךָ אֲנִי כָלִיתִי׃ בְּתוֹכָחוֹת עַל־עָוֺן ׀

לח, כא׳ יחד ף    לט, א׳ לידותן קרי

יִסַּ֗רְתָּ אִ֥ישׁ וַתֶּ֣מֶס כָּעָ֣שׁ חֲמוּד֑וֹ אַ֤ךְ הֶ֖בֶל כָּל־אָדָ֣ם סֶֽלָה׃
שִֽׁמְעָ֥ה תְפִלָּתִ֨י ׀ יְהֹוָ֡ה וְשַׁוְעָתִ֨י ׀ הַאֲזִ֗ינָה אֶֽל־דִּמְעָתִי֮ אַֽל־ יג
תֶּ֫חֱרַ֥שׁ כִּ֤י גֵ֣ר אָנֹכִ֣י עִמָּ֑ךְ תּ֝וֹשָׁ֗ב כְּכָל־אֲבוֹתָֽי׃ הָשַׁ֣ע מִמֶּ֣נִּי יד
וְאַבְלִ֑יגָה בְּטֶ֖רֶם אֵלֵ֣ךְ וְאֵינֶֽנִּי׃

מ

לַמְנַצֵּ֗חַ לְדָוִ֥ד מִזְמֽוֹר׃ קַוֺּ֣ה קִוִּ֣יתִי יְהֹוָ֑ה וַיֵּ֥ט אֵ֝לַ֗י וַיִּשְׁמַ֥ע א ב
שַׁוְעָתִֽי׃ וַיַּעֲלֵ֤נִי ׀ מִבּ֥וֹר שָׁאוֹן֮ מִטִּ֢יט הַיָּ֫וֵ֥ן וַיָּ֖קֶם עַל־סֶ֥לַע ג
רַגְלַ֗י כּוֹנֵ֥ן אֲשֻׁרָֽי׃ וַיִּתֵּ֬ן בְּפִ֨י ׀ שִׁ֥יר חָדָשׁ֮ תְּהִלָּ֢ה לֵאלֹ֫הֵ֥ינוּ ד
יִרְא֣וּ רַבִּ֣ים וְיִירָ֑אוּ וְ֝יִבְטְח֗וּ בַּיהֹוָֽה׃ אַ֥שְֽׁרֵי הַגֶּ֗בֶר אֲשֶׁר־ ה
שָׂ֣ם יְ֭הֹוָה מִבְטַח֑וֹ וְֽלֹא־פָנָ֥ה אֶל־רְ֝הָבִ֗ים וְשָׂטֵ֥י כָזָֽב׃ רַבּ֤וֹת ו
עָשִׂ֨יתָ ׀ אַתָּ֤ה ׀ יְהֹוָ֣ה אֱלֹהַי֮ נִֽפְלְאֹתֶ֥יךָ וּמַחְשְׁבֹתֶ֗יךָ אֵ֫לֵ֥ינוּ
אֵ֤ין ׀ עֲרֹ֬ךְ אֵלֶ֗יךָ אַגִּ֥ידָה וַאֲדַבֵּ֑רָה עָ֝צְמ֗וּ מִסַּפֵּֽר׃ זֶ֤בַח ז
וּמִנְחָ֨ה ׀ לֹֽא־חָפַ֗צְתָּ אָ֭זְנַיִם כָּרִ֣יתָ לִּ֑י עוֹלָ֥ה וַ֝חֲטָאָ֗ה לֹ֣א
שָׁאָֽלְתָּ׃ אָ֣ז אָ֭מַרְתִּי הִנֵּה־בָ֑אתִי בִּמְגִלַּת־סֵ֝֗פֶר כָּת֥וּב עָלָֽי׃ ח
לַֽעֲשֽׂוֹת־רְצוֹנְךָ֣ אֱלֹהַ֣י חָפָ֑צְתִּי וְ֝ת֥וֹרָתְךָ֗ בְּת֣וֹךְ מֵעָֽי׃ בִּשַּׂ֤רְתִּי ט י
צֶ֨דֶק ׀ בְּקָ֨הָל רָ֗ב הִנֵּ֣ה שְׂ֭פָתַי לֹ֣א אֶכְלָ֑א יְ֝הֹוָ֗ה אַתָּ֥ה יָדָֽעְתָּ׃
צִדְקָתְךָ֬ לֹא־כִסִּ֨יתִי ׀ בְּת֬וֹךְ לִבִּ֗י אֱמוּנָתְךָ֣ וּתְשׁוּעָתְךָ֣ אָמָ֑רְתִּי יא
לֹא־כִחַ֥דְתִּי חַסְדְּךָ֥ וַ֝אֲמִתְּךָ֗ לְקָהָ֥ל רָֽב׃ אַתָּ֤ה יְהֹוָ֗ה לֹא־ יב
תִכְלָ֣א רַחֲמֶ֣יךָ מִמֶּ֑נִּי חַסְדְּךָ֥ וַ֝אֲמִתְּךָ֗ תָּמִ֥יד יִצְּרֽוּנִי׃ כִּ֤י יג
אָֽפְפ֥וּ עָלַ֨י ׀ רָע֡וֹת עַד־אֵ֬ין מִסְפָּ֗ר הִשִּׂיג֣וּנִי עֲ֭וֺנֹתַי וְלֹא־יָכֹ֣לְתִּי
לִרְא֑וֹת עָצְמ֥וּ מִֽשַּׂעֲר֥וֹת רֹ֝אשִׁ֗י וְלִבִּ֥י עֲזָבָֽנִי׃ רְצֵ֣ה יְ֭הֹוָה יד
לְהַצִּילֵ֑נִי יְ֝הֹוָ֗ה לְעֶזְרָ֥תִי חֽוּשָׁה׃ יֵ֘בֹ֤שׁוּ וְיַחְפְּר֨וּ ׀ יַחַד֮ מְבַקְשֵׁ֢י טו
נַפְשִׁ֗י לִסְפּ֫וֹתָ֥הּ יִסֹּ֣גוּ אָ֭חוֹר וְיִכָּלְמ֑וּ חֲ֝פֵצֵ֗י רָעָתִֽי׃ יָ֭שֹׁמּוּ טז
עַל־עֵ֣קֶב בָּשְׁתָּ֑ם הָאֹמְרִ֥ים לִ֝֗י הֶאָ֥ח ׀ הֶאָֽח׃ יָ֘שִׂ֤ישׂוּ וְיִשְׂמְח֨וּ ׀ יז
בְּךָ֗ כָּֽל־מְבַ֫קְשֶׁ֥יךָ יֹאמְר֣וּ תָ֭מִיד יִגְדַּ֣ל יְהֹוָ֑ה אֹ֝הֲבֵ֗י תְּשׁוּעָתֶֽךָ׃
וַאֲנִ֤י ׀ עָנִ֣י וְאֶבְי֮וֹן אֲדֹנָ֢י יַחֲשָׁ֫ב לִ֥י עֶזְרָתִ֣י וּמְפַלְטִ֣י אַ֑תָּה יח
אֱ֝לֹהַ֗י אַל־תְּאַחַֽר׃

---

מ, יח' פתח בסוף פסוק

אָבער מאַכסט צעקריכן ווי מאָיל זיין שיינקייט.
בלויז אַ הויך איז איטלעכער מענטש. סֶלָה.

13 הער צו מיין תפילה, גאָט, און מיין געשריי פאַרנעם;
אויף מיין טרער זאָלסטו ניט שווייגן;
וואָרום אַ פרעמדער בין איך ביי דיר,
אַן אַיינגעוואַנדערטער ווי אַלע מיינע עלטערן.
14 קוק אַוועק פון מיר, און לאָמיך זיך אויפמונטערן,
איידער איך וועל אַוועקגיין און מער ניט זיין.

מ

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; פון דודן אַ מִזמור.
2 האָפן געהאָפט האָב איך אויף גאָט,
און ער האָט זיך גענייגט צו מיר, און צוגעהערט מיין געשריי.
3 און ער האָט מיך אַרויפגעבראַכט פון דער ווּסטער גרוב,
פון דעם זומפּיקן ליים,
און ער האָט געשטעלט אויף אַ פעלז מיינע פיס,
ער האָט באַפעסטיקט מיינע טריט.
4 און ער האָט געגעבן אין מיין מויל אַ ניי געזאַנג,
אַ לויב צו אונדזער גאָט.
פיל וועלן זען און וועלן פאָרכטן,
און וועלן זיך פאַרזיכערן אויף גאָט.

5 ווויל צו דעם מאַן וואָס האָט געמאַכט גאָט זיין פאַרזיכערונג,
און זיך ניט געווענדט צו די האָפערדיקע,
און צו די וואָס קערן זיך אָפּ צו פאַלשקייט.
6 פיל האָסטו אויפגעטאָן, יהוה מיין גאָט–
דיינע וווּנדער און דיינע טראַכטונגען פון אונדזערט־וועגן;
ניטאָ קיין גלייכן צו דיר.
זאָל איך דערציילן און זאָגן,
זיינען זיי צו פיל אויסצורעכענען.
7 שלאַכטאָפּפער און שפּייזאָפּפער באַגערסטו ניט–
האָסטו אין די אויערן מיר אַיינגעראָבן–
בראַנדאָפּפער און זינדאָפּפער פאַרלאַנגסטו ניט.
8 דרום האָב איך געזאָגט: איך וועל טאָן
וואָס אין געראָלטן ספר איז אָנגעשריבן פאַר מיר.
9 צו טאָן דיין רצון, מיין גאָט, האָב איך באַגערט,
און דיין תּורה איז אין מיינע אינגעווייד.
10 איך האָב אָנגעזאָגט גערעכטיקייט אין אַ גרויס געזעמל;
זע, מיינע ליפּן טו איך ניט פאַרמיידן;
גאָט, דו ווייסט דאָך.
11 דיין גערעכטיקייט האָב איך ניט פאַרדעקט אין מיין האַרצן,
דיין טריישאַפט און דיין הילף האָב איך דערציילט;
איך האָב ניט פאַרהוילן דיין גענאָד און דיין אמת
פאַרן גרויסן געזעמל.
12 ניט פאַרמיידן זאָלסט דו, גאָט, דיין דערבאַרימונג פון מיר,
דיין גענאָד און דיין אמת זאָלן מיך תּמיד באַהיטן.
13 וואָרום אַרומגערינגלט האָבן מיך בייזן אָן צאָל,
דערגרייכט האָבן מיך מיינע זינד,
אַז איך קען ניט זען;
זיי זיינען מער ווי די האָר פון מיין קאָפּ,
און מיין האַרץ האָט מיך פאַרלאָזן.
14 באַוויליק, גאָט, מיך מציל צו זיין,
גאָט, אַייל מיר צו הילף.
15 זאָל פאַרשעמט און צו שאַנד ווערן אין איינעם
די וואָס זוכן מיין לעבן, עס אומצוברענגען;
זאָלן אָפּטרעטן אַהינטער און זיך שעמען
די וואָס ווינטשן מיר בייז.
16 זאָלן באַנומען ווערן פון וועגן זייער שאַנד
די וואָס זאָגן אויף מיר: אַהאַ! אַהאַ!
17 זאָלן זיין לוסטיק און זיך פרייען מיט דיר
אַלע וואָס זוכן דיך;
זאָלן תּמיד זאָגן: געגרייסט זאָל זיין גאָט!
די וואָס האָבן ליב דיין ישועה.
18 און איך אָרימער און באַדערפטיקער–
זאָל גאָט דאָס מיר צורעכענען.
דו ביסט מיין הילף, און דער וואָס מאַכט מיך אַנטרינען;
מיין גאָט, זאָלסט זיך ניט זאַמען.

# מא

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; אַ מִזמור פון דודן.
2 וויל צו דעם וואָס גיט אַכט אויפן אָרימאַן!
אין טאָג פון בייז וועט אים גאָט מאַכן אַנטרינען.
3 גאָט וועט אים באַהיטן און אים לאָזן לעבן,
און ער וועט זיין באַגליקט אין לאַנד;
און וועסט אים ניט איבערגעבן
אויף דעם באַראָט פון ווינע פיינט.
4 גאָט וועט אים אונטערלענען אויפן קראַנקן בעט;
די גאַנצע צייט פון זיין ליגן פאַרנעמסטו זיך מיט זיין
קראַנקשאַפט.

5 איך זאָג: גאָט, לייטועליק מיך,
הייל מיין זעל, וואָרום איך האָב געזינדיקט צו דיר.
6 מיינע פיינט רעדן שלעכטס וועגן מיר:
ווען וועט ער שטאַרבן, און זיין נאָמען זאָל אונטערגיין!
7 און אַז עמיצער קומט זען, רעדט ער פאַלש,
זיין האַרץ זאַמלט אָן אין זיך בייז;
גייט ער אַרויס אין גאַס, רעדט ער דערפון.
8 אין איינעם סודען זיך אויף מיר אַלע מיינע שׂונאים,
זיי טראַכטן וועגן מיר בייז קעגן מיר:
9 אַ בייזע זאַך איז אויסגעגאָסן אויף אים,
און ווי ער האָט זיך געלייגט, וועט ער מער ניט אויפ־
שטיין.
10 אַפילו מיין גוטער פריינט וואָס איך האָב מיך פאַר־
זיכערט אויף אים,
דער וואָס עסט מיין ברויט, הייבט אויף אַ פוס אויף
מיר.
11 אָבער דו גאָט לייטזעליק מיך, און ריכט מיך אויף,
און לאָמיך זיי אָפּצאָלן.
12 דערמיט וועל איך וויסן אַז דו באַגערסט מיך,
וואָס ניט שאַלן וועט מיין פיינט איבער מיר.
13 און איך—אין מיין ערלעכקייט וועסטו מיך אויפהאַלטןא,
און וועסט מיך לאָזן שטיין פאַר דיר אייביק.

14 געלויבט איז יהוה דער גאָט פון ישׂראל
פון אייביק און ביז אייביק.
אָמן און אָמן!

## צווייטער ספר

# מב

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; אַ באַטראַכטונג פון
די קינדער פון קֹרַח.
2 ווי אַ הינד לעכצט נאָך בעכן וואַסער,
אַזוי לעכצט מיין זעל נאָך דיר, גאָט.
3 מיין זעל טוט דאָרשטן נאָך גאָט,
נאָך דעם לעבעדיקן גאָט:
ווען וועל איך קומען,
און זיך ווייזן פאַר גאָט?
4 מיין טרער איז געוואָרן
מיין שפּייז טאָג און נאַכט,
אַז מע זאָגט מיר אַ גאַנצן טאָג:
אַווּ איז דיין גאָט?

א ווארטשפיל: בְּתֻמִּי תָּמַכְתָּ.

## מא

א לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל־דָּל בְּיוֹם רָעָה
ב
ג יְמַלְּטֵהוּ יְהוָה׃ יְהוָה ׀ יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ יְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ
ד וְאַל־תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו׃ יְהוָה יִסְעָדֶנּוּ עַל־עֶרֶשׂ דְּוָי
ה כָּל־מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ׃ אֲנִי אָמַרְתִּי יְהוָה חָנֵּנִי רְפָאָה
ו נַפְשִׁי כִּי־חָטָאתִי לָךְ׃ אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת
ז וְאָבַד שְׁמוֹ׃ וְאִם־בָּא לִרְאוֹת ׀ שָׁוְא יְדַבֵּר לִבּוֹ יִקְבָּץ־
ח אָוֶן לוֹ יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר׃ יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ כָּל־שֹׂנְאָי
ט עָלַי ׀ יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי׃ דְּבַר־בְּלִיַּעַל יָצוּק בּוֹ וַאֲשֶׁר שָׁכַב
י לֹא־יוֹסִיף לָקוּם׃ גַּם אִישׁ־שְׁלוֹמִי ׀ אֲשֶׁר־בָּטַחְתִּי בוֹ
יא אוֹכֵל לַחְמִי הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב׃ וְאַתָּה יְהוָה חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי
יב וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם׃ בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי־חָפַצְתָּ בִּי כִּי לֹא־יָרִיעַ
יג אֹיְבִי עָלָי׃ וַאֲנִי בְּתֻמִּי תָּמַכְתָּ בִּי וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם׃
יד בָּרוּךְ יְהוָה ׀ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד־הָעוֹלָם אָמֵן ׀ וְאָמֵן׃

## ספר שני

## מב

א לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי־קֹרַח׃ כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל־אֲפִיקֵי־מָיִם
ב
ג כֵּן נַפְשִׁי ׀ תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים׃ צָמְאָה נַפְשִׁי ׀ לֵאלֹהִים
ד לְאֵל חָי מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים׃ הָיְתָה־לִּי דִמְעָתִי
לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל־הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ׃
ה אֵלֶּה אֶזְכְּרָה ׀ וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי ׀ נַפְשִׁי כִּי אֶעֱבֹר בַּסָּךְ אֶדַּדֵּם
ו עַד־בֵּית אֱלֹהִים בְּקוֹל־רִנָּה וְתוֹדָה הָמוֹן חוֹגֵג׃ מַה־
תִּשְׁתּוֹחֲחִי ׀ נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִלִי לֵאלֹהִים כִּי עוֹד
ז אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו׃ אֱלֹהַי עָלַי נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל־כֵּן
ח אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן וְחֶרְמוֹנִים מֵהַר מִצְעָר׃ תְּהוֹם־אֶל־

מא, ג׳ ואשר קרי   ה׳ מלרע

5 דאָס טו איך דערמאָנען,
און גיס אויס מיין זעל אין מיר:
ווי איך פלעג דורכגיין מיט אַן עולם,
זיי פירן צום הויז פון גאָט,
מיט אַ קָול פון געזאַנג און לויב,
אַ יָום־טובדיק געזעמל.

6 וואָס ביסטו געבויגן מיין זעל,
און טוסט ברומען אין מיר?
האָף צו גאָט, וואָרום איך וועל אים נאָך לויבן
פאַר דער הילף פון זיין פנים.

7 מיין גאָט, מיין זעל איז געבויגן אין מיר,
וואָרום איך טו דיך דערמאָנען,
פון יַרדןלאַנד און די חֶרמונס,
פון דעם באַרג מִצעָר.
8 תְהָום צו תְהָום טוט רופן

תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ כָּל־מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ׃
יוֹמָם ׀ יְצַוֶּה יְהוָה ׀ חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי תְּפִלָּה לְאֵל ט
חַיָּי׃ אוֹמְרָה ׀ לְאֵל סַלְעִי לָמָה שְׁכַחְתָּנִי לָמָּה־קֹדֵר אֵלֵךְ י
בְּלַחַץ אוֹיֵב׃ בְּרֶצַח ׀ בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי בְּאָמְרָם יא
אֵלַי כָּל־הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ׃ מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי ׀ נַפְשִׁי וּמַה־ יב
תֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵאלֹהָי׃

מג

שָׁפְטֵנִי אֱלֹהִים ׀ וְרִיבָה רִיבִי מִגּוֹי לֹא־חָסִיד מֵאִישׁ מִרְמָה א
וְעַוְלָה תְפַלְּטֵנִי׃ כִּי־אַתָּה ׀ אֱלֹהֵי מָעוּזִּי לָמָה זְנַחְתָּנִי לָמָּה־ ב
קֹדֵר אֶתְהַלֵּךְ בְּלַחַץ אוֹיֵב׃ שְׁלַח־אוֹרְךָ וַאֲמִתְּךָ הֵמָּה ג
יַנְחוּנִי יְבִיאוּנִי אֶל־הַר־קָדְשְׁךָ וְאֶל־מִשְׁכְּנוֹתֶיךָ׃ וְאָבוֹאָה ׀ ד
אֶל־מִזְבַּח אֱלֹהִים אֶל־אֵל שִׂמְחַת גִּילִי וְאוֹדְךָ בְכִנּוֹר
אֱלֹהִים אֱלֹהָי׃ מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי ׀ נַפְשִׁי וּמַה־תֶּהֱמִי עָלָי ה
הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵאלֹהָי׃

מד

לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי־קֹרַח מַשְׂכִּיל׃ אֱלֹהִים ׀ בְּאָזְנֵינוּ שָׁמַעְנוּ א ב
אֲבוֹתֵינוּ סִפְּרוּ־לָנוּ פֹּעַל־פָּעַלְתָּ בִימֵיהֶם בִּימֵי קֶדֶם׃ אַתָּה ׀ ג
יָדְךָ גּוֹיִם הוֹרַשְׁתָּ וַתִּטָּעֵם תָּרַע לְאֻמִּים וַתְּשַׁלְּחֵם׃ כִּי ד
לֹא בְחַרְבָּם יָרְשׁוּ אָרֶץ וּזְרוֹעָם לֹא־הוֹשִׁיעָה לָּמוֹ כִּי־
יְמִינְךָ וּזְרוֹעֲךָ וְאוֹר פָּנֶיךָ כִּי רְצִיתָם׃ אַתָּה־הוּא מַלְכִּי ה
אֱלֹהִים צַוֵּה יְשׁוּעוֹת יַעֲקֹב׃ בְּךָ צָרֵינוּ נְנַגֵּחַ בְּשִׁמְךָ נָבוּס ו
קָמֵינוּ׃ כִּי לֹא בְקַשְׁתִּי אֶבְטָח וְחַרְבִּי לֹא תוֹשִׁיעֵנִי׃ כִּי ז ח
הוֹשַׁעְתָּנוּ מִצָּרֵינוּ וּמְשַׂנְאֵינוּ הֱבִישׁוֹתָ׃ בֵּאלֹהִים הִלַּלְנוּ ט
כָל־הַיּוֹם וְשִׁמְךָ ׀ לְעוֹלָם נוֹדֶה סֶלָה׃ אַף־זָנַחְתָּ וַתַּכְלִימֵנוּ י
וְלֹא־תֵצֵא בְּצִבְאוֹתֵינוּ׃ תְּשִׁיבֵנוּ אָחוֹר מִנִּי־צָר וּמְשַׂנְאֵינוּ יא
שָׁסוּ לָמוֹ׃ תִּתְּנֵנוּ כְּצֹאן מַאֲכָל וּבַגּוֹיִם זֵרִיתָנוּ׃ תִּמְכֹּר יב יג
עַמְּךָ בְלֹא־הוֹן וְלֹא־רִבִּיתָ בִּמְחִירֵיהֶם׃ תְּשִׂימֵנוּ חֶרְפָּה יד

מג, ב׳ שורק עם הדגש     מד, ד׳ קמץ טרפשי

אין דעם קָול פון דיינע וואַסערפאַלן;
אַלע דיינע אינדן און דיינע וועלן
זיינען אַריבער אויף מיר.

9 ביי טאָג באַפעלט גאָט זיין חסד,
און ביי נאַכט איז זיין געזאַנג מיט מיר,
אַ תפילה צו דעם גאָט פון מיין לעבן.

10 איך זאָג צו גאָט מיין פעלז:
פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרגעסן?
פאַרוואָס מוז איך פינצטער אומגיין
פון וועגן דער דריקונג פון שונא?
11 מיט רציחה אַזש אין מיינע ביינער
לעסטערן מיך מיינע פיינט,
אַז זיי זאָגן צו מיר אַ גאַנצן טאָג:
אַוווּ איז דיין גאָט?

12 וואָס ביסטו געבויגן מיין זעל,
און וואָס טוסטו ברומען אין מיר?
האָף צו גאָט, וואָרום איך וועל אים נאָך לויבן–
די הילף פון מיין פנים, און מיין גאָט.

## מג

1 טו מיר רעכט, גאָט, און קריג מיין קריג
קעגן פאָלק אומדערבאַרימדיק;
פון דעם מאַן פון באַטרוג און אומרעכט
זאָלסטו מיך מאַכן אַנטרינען.
2 דו ביסט דאָך דער גאָט פון מיין שטאַרקייט,
פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן?
פאַרוואָס מוז איך פינצטער אומגיין
פון וועגן דער דריקונג פון שונא?
3 שיק דיין ליכט און דיין אמת,
זיי זאָלן מיך פירן;
זיי זאָלן מיך ברענגען צו דיין הייליקן באַרג,
און צו די וווינונגען דיינע.
4 און לאָמיך קומען צום מזבח פון גאָט,
צו גאָט, דער פרייד פון מיין לוסטיקייט;
און לאָמיך דיך לויבן אויף אַ האַרף,
גאָט מיין גאָט.

5 וואָס ביסטו געבויגן מיין זעל,
און וואָס טוסטו ברומען אין מיר?
האָף צו גאָט, וואָרום איך וועל אים נאָך לויבן–
די הילף פון מיין פנים, און מיין גאָט.

## מד

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; פון די קינדער פון
קֹרַח אַ באַטראַכטונג.
2 גאָט, מיט אונדזערע אויערן האָבן מיר געהערט,
אונדזערע עלטערן האָבן אונדז דערציילט,
די טואונג וואָס דו האָסט געטאָן אין זייערע טעג,
אין די טעג פון פאַרצייטן.
3 דו מיט דיין האַנט האָסט פעלקער פאַרטריבן,
און זיי האָסטו איינגעפלאַנצט,
האָסט צעבראָכן אומות,
און זיי האָסטו אויסגעשפּרייט.
4 וואָרום ניט מיט זייער שווערד האָבן זיי געאַרבט
דאָס לאַנד,
און ניט זייער אָרעם האָט זיי געהאָלפן,
נאָר דיין רעכטע האַנט און דיין אָרעם,
און דאָס ליכט פון דיין פנים, ווייל דו האָסט זיי
באַוויליקט.

5 דו ביסט מיין קיניג, גאָט;
באַפעל די ישועה פון יעקב.
6 מיט דיר שטויסן מיר אונדזערע פיינט,
מיט דיין נאָמען צעטרעטן מיר אונדזערע קעגנשטייער.
7 וואָרום ניט אויף מיין בויגן פאַרזיכער איך מיך,
און מיין שווערד קען מיך ניט העלפן.
8 נייערט דו האָסט אונדז געהאָלפן פון אונדזערע
פיינט,
און אונדזערע שׂונאים צו שאַנד געמאַכט.
9 מיט גאָט האָבן מיר זיך גערימט אַ גאַנצן טאָג,
און דיין נאָמען לויבן מיר אייביק. סֶלָה.

10 אָבער האָסט פאַרלאָזן און פאַרשעמט אונדז,
און גייסט ניט אַרויס מיט אונדזערע מחנות.
11 מאַכסט אונדז צוריקגיין פאַרן פיינט,
און אונדזערע שׂונאים רויבן זיך אָן.
12 האָסט אונדז אָפּגעגעבן ווי שאָף צום עסן,
און צווישן די פעלקער האָסטו אונדז צעשפּרייט.
13 האָסט פאַרקויפט דיין אומה פאַר שפּאָטגעלט,
און האָסט ניט הויך געשטעלט זייער מקח.
14 מאַכסט אונדז צו חרפה ביי אונדזערע שכנים,

אַ געלעכטער און אַ שפּאָט בײַ אונדזערע אַרומיקע.
15 מאַכסט אונדז פאַר אַ שפּריכוואָרט צווישן די
פעלקער,
אַ קאָפּשאָקלעניש צווישן די אומות.
16 אַ גאַנצן טאָג איז מײַן שאַנד אַנטקעגן מיר,
און די בושה פון מײַן פּנים האָט מיך באַדעקט,
17 פון קול פון דעם לעסטערער און שענדער,
פון וועגן דעם פײַנט און דעם ראַכענעמער.

18 דאָס אַלץ איז געקומען אויף אונדז,
אָבער מיר האָבן ניט פאַרגעסן אָן דיר,
און ניט געלײקנט אָן דײַן בונד.
19 ניט אָפּגעקערט אַהינטער האָט זיך אונדזער האַרץ,
אַז אונדזערע טריט זאָלן זיך אָפּנייגן פון דײַן שטעג;
20 הגם דו האָסט אונדז פאַרשטויסן אין אַן אָרט פון
שאַקאַלן,
און אונדז איבערגעדעקט מיט טויטשאָטן.
21 אויב מיר וואָלטן פאַרגעסן אָן דעם נאָמען פון אונדזער
גאָט,
און אויסגעשפּרייט אונדזערע הענט צו אַ פרעמדן גאָט,
22 וואָלט דען גאָט דאָס ניט אויספאָרשן?
וואָרום ער ווייס די פאַרבאָרגענישן פון האַרצן.
23 יאָ, איבער דיר ווערן מיר געהרגעט אַ גאַנצן טאָג,
מיר ווערן גערעכנט ווי שאָף צו דער שחיטה.
24 דערוועק דיך, פאַרוואָס שלאָפסטו, גאָט?
וואַך אויף, זאָלסט אונדז ניט פאַרלאָזן אויף אײביק.
25 פאַרוואָס פאַרבאָרגסטו דײַן פּנים,
פאַרגעסט אונדזער פּײַן און אונדזער קלעם?
26 וואָרום געבויגן צום שטויב איז אונדזער זעל,
באַהעפט צו דער ערד איז אונדזער לײַב.
27 שטיי אויף אונדז צו הילף,
און לייז אונדז אויס פון וועגן דײַן גענאָד.

## מה

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; אויף שׁושַנים, פון די קינדער פון קֹרח; אַ באַטראַכטונג, אַ געזאַנג פון ליבשאַפט.
2 עס ייִרט מײַן האַרץ מיטן שיינעם וואָרט,
איך וועל פירזאָגן מײַנע לידער צום מלך;
מײַן צונג איז די פּען פון אַ שרײַבער אַ פלינקן.

3 ביסט שענער פון אַלע מענטשנקינדער,
חן איז אויסגעגאָסן אויף דײַנע ליפּן,
ווײַל גאָט האָט דיך געבענטשט אויף אײביק.
4 גורט אָן דײַן שווערד אויפן לענד, דו גיבור,
דײַן גלאַנץ און דײַן פּראַכט.
5 און אין דײַן פּראַכט באַגליק, רײַט אַרויס,
פון וועגן אמת און מילדקייט און גערעכטיקייט,
און זאָל דיר דײַן רעכטע האַנט פאָרכטיקס באַווײַזן.
6 דײַנע פײַלן געשאַרפטע—
פעלקער זאָלן פאַלן אונטער דיר—
אין האַרצן פון מלכס פײַנט!
7 דײַן טראָן איז פון גאָט אויף אײביק און שטענדיק,
אַ צעפּטער פון יוֹשר איז דער צעפּטער פון דײַן מלוכה.

טו לְשִׁכֵנֵינוּ לַעַג וָקֶלֶס לִסְבִיבוֹתֵינוּ׃ תְּשִׂימֵנוּ מָשָׁל בַּגּוֹיִם
טז מְנוֹד רֹאשׁ בַּלְאֻמִּים׃ כָּל־הַיּוֹם כְּלִמָּתִי נֶגְדִּי וּבֹשֶׁת פָּנַי
יז יח כִּסָּתְנִי׃ מִקּוֹל מְחָרֵף וּמְגַדֵּף מִפְּנֵי אוֹיֵב וּמִתְנַקֵּם׃ כָּל־
יט זֹאת בָּאַתְנוּ וְלֹא שְׁכַחֲנוּךָ וְלֹא־שִׁקַּרְנוּ בִּבְרִיתֶךָ׃ לֹא־
כ נָסוֹג אָחוֹר לִבֵּנוּ וַתֵּט אֲשֻׁרֵינוּ מִנִּי אָרְחֶךָ׃ כִּי דִכִּיתָנוּ
כא בִּמְקוֹם תַּנִּים וַתְּכַס עָלֵינוּ בְצַלְמָוֶת׃ אִם־שָׁכַחְנוּ שֵׁם
כב אֱלֹהֵינוּ וַנִּפְרֹשׂ כַּפֵּינוּ לְאֵל זָר׃ הֲלֹא אֱלֹהִים יַחֲקָר־זֹאת
כג כִּי הוּא יֹדֵעַ תַּעֲלֻמוֹת לֵב׃ כִּי־עָלֶיךָ הֹרַגְנוּ כָל־הַיּוֹם
כד נֶחְשַׁבְנוּ כְּצֹאן טִבְחָה׃ עוּרָה ׀ לָמָּה תִישַׁן ׀ אֲדֹנָי הָקִיצָה
כה אַל־תִּזְנַח לָנֶצַח׃ לָמָּה פָנֶיךָ תַסְתִּיר תִּשְׁכַּח עָנְיֵנוּ וְלַחֲצֵנוּ׃
כו כז כִּי שָׁחָה לֶעָפָר נַפְשֵׁנוּ דָּבְקָה לָאָרֶץ בִּטְנֵנוּ׃ קוּמָה עֶזְרָתָה
לָּנוּ וּפְדֵנוּ לְמַעַן חַסְדֶּךָ׃

מה

א לַמְנַצֵּחַ עַל־שֹׁשַׁנִּים לִבְנֵי־קֹרַח מַשְׂכִּיל שִׁיר יְדִידֹת׃
ב רָחַשׁ לִבִּי ׀ דָּבָר טוֹב אֹמֵר אָנִי מַעֲשַׂי לְמֶלֶךְ לְשׁוֹנִי עֵט ׀
ג סוֹפֵר מָהִיר׃ יָפְיָפִיתָ מִבְּנֵי אָדָם הוּצַק חֵן בְּשְׂפְתוֹתֶיךָ
ד עַל־כֵּן בֵּרַכְךָ אֱלֹהִים לְעוֹלָם׃ חֲגוֹר חַרְבְּךָ עַל־יָרֵךְ גִּבּוֹר
ה הוֹדְךָ וַהֲדָרֶךָ׃ וַהֲדָרְךָ ׀ צְלַח רְכַב עַל־דְּבַר־אֱמֶת וְעַנְוָה־
ו צֶדֶק וְתוֹרְךָ נוֹרָאוֹת יְמִינֶךָ׃ חִצֶּיךָ שְׁנוּנִים עַמִּים תַּחְתֶּיךָ
ז יִפְּלוּ בְּלֵב אוֹיְבֵי הַמֶּלֶךְ׃ כִּסְאֲךָ אֱלֹהִים עוֹלָם וָעֶד שֵׁבֶט
ח מִישֹׁר שֵׁבֶט מַלְכוּתֶךָ׃ אָהַבְתָּ צֶּדֶק וַתִּשְׂנָא רֶשַׁע עַל־
ט כֵּן ׀ מְשָׁחֲךָ אֱלֹהִים אֱלֹהֶיךָ שֶׁמֶן שָׂשׂוֹן מֵחֲבֵרֶךָ׃ מֹר
וַאֲהָלוֹת קְצִיעוֹת כָּל־בִּגְדֹתֶיךָ מִן־הֵיכְלֵי שֵׁן מִנִּי שִׂמְּחוּךָ׃
י בְּנוֹת מְלָכִים בִּיקְּרוֹתֶיךָ נִצְּבָה שֵׁגַל לִימִינְךָ בְּכֶתֶם אוֹפִיר׃
יא שִׁמְעִי־בַת וּרְאִי וְהַטִּי אָזְנֵךְ וְשִׁכְחִי עַמֵּךְ וּבֵית אָבִיךְ׃
יב יג וְיִתְאָו הַמֶּלֶךְ יָפְיֵךְ כִּי הוּא אֲדֹנַיִךְ וְהִשְׁתַּחֲוִי־לוֹ׃ וּבַת־
יד צֹר ׀ בְּמִנְחָה פָּנַיִךְ יְחַלּוּ עֲשִׁירֵי עָם׃ כָּל־כְּבוּדָּה בַת־מֶלֶךְ

מה, י׳ הק׳ דגושה    יד׳ דגש אחר שורק

8 האָסט ליב געהאַט גערעכטיקייט, און פײַנט געהאַט
אומרעכט,
דרום האָט דיך געזאַלבט גאָט דײַן גאָט
מיט אייל פון פרייד, איבער דײַנע חברים.
9 מירע און אַלאָען, קאַניילן זײַנען אַלע דײַנע קליידער,
פון עלפנבײנפּאַלאַצן דערפרייען דיך סטרונעס.
10 טעכטער פון מלכים זײַנען צווישן דײַנע געליבטע,
דיר צו רעכטס שטייט די מלכּה אין גינגאָלד פון אוֹפיר.
11 הער, טאָכטער, און זע, און נייג צו דײַן אויער,
און פאַרגעס דײַן פאָלק, און דאָס הויז פון דײַן פאָטער,
12 און דער מלך וועט גלוסטן דײַן שיינקייט;
וואָרום ער איז דײַן האַר, דרום בוק זיך צו אים.
13 און, טאָכטער פון צוֹר, די רײַכסטע פון פאָלק
וועלן בעטן דײַן לײַטזעליקייט מיט געשאַנק.

14 לויטער פּראַכט איז די בת־מלכּה אינעווייניק [אין
פּאַלאַץ],

טו פְּנִימָה מִשְׁבְּצוֹת זָהָב לְבוּשָׁהּ: לִרְקָמוֹת תּוּבַל לַמֶּלֶךְ
טז בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ מוּבָאוֹת לָךְ: תּוּבַלְנָה בִּשְׂמָחֹת
יז וָגִיל תְּבֹאֶינָה בְּהֵיכַל מֶלֶךְ: תַּחַת אֲבֹתֶיךָ יִהְיוּ בָנֶיךָ
יח תְּשִׁיתֵמוֹ לְשָׂרִים בְּכָל־הָאָרֶץ: אַזְכִּירָה שִׁמְךָ בְּכָל־דֹּר
וָדֹר עַל־כֵּן עַמִּים יְהוֹדֻךָ לְעֹלָם וָעֶד:

מו

א ב לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי־קֹרַח עַל־עֲלָמוֹת שִׁיר: אֱלֹהִים לָנוּ מַחֲסֶה
ג וָעֹז עֶזְרָה בְצָרוֹת נִמְצָא מְאֹד: עַל־כֵּן לֹא־נִירָא בְּהָמִיר
ד אָרֶץ וּבְמוֹט הָרִים בְּלֵב יַמִּים: יֶהֱמוּ יֶחְמְרוּ מֵימָיו יִרְעֲשׁוּ
ה הָרִים בְּגַאֲוָתוֹ סֶלָה: נָהָר פְּלָגָיו יְשַׂמְּחוּ עִיר־אֱלֹהִים
ו קְדֹשׁ מִשְׁכְּנֵי עֶלְיוֹן: אֱלֹהִים בְּקִרְבָּהּ בַּל־תִּמּוֹט יַעְזְרֶהָ
ז אֱלֹהִים לִפְנוֹת בֹּקֶר: הָמוּ גוֹיִם מָטוּ מַמְלָכוֹת נָתַן בְּקוֹלוֹ
ח תָּמוּג אָרֶץ: יְהוָה צְבָאוֹת עִמָּנוּ מִשְׂגָּב־לָנוּ אֱלֹהֵי יַעֲקֹב
ט סֶלָה: לְכוּ־חֲזוּ מִפְעֲלוֹת יְהוָה אֲשֶׁר־שָׂם שַׁמּוֹת בָּאָרֶץ:
י מַשְׁבִּית מִלְחָמוֹת עַד־קְצֵה הָאָרֶץ קֶשֶׁת יְשַׁבֵּר וְקִצֵּץ חֲנִית
יא עֲגָלוֹת יִשְׂרֹף בָּאֵשׁ: הַרְפּוּ וּדְעוּ כִּי־אָנֹכִי אֱלֹהִים אָרוּם
יב בַּגּוֹיִם אָרוּם בָּאָרֶץ: יְהוָה צְבָאוֹת עִמָּנוּ מִשְׂגָּב־לָנוּ אֱלֹהֵי
יַעֲקֹב סֶלָה:

מז

א ב לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי־קֹרַח מִזְמוֹר: כָּל־הָעַמִּים תִּקְעוּ־כָף הָרִיעוּ
ג לֵאלֹהִים בְּקוֹל רִנָּה: כִּי־יְהוָה עֶלְיוֹן נוֹרָא מֶלֶךְ גָּדוֹל עַל־
ד כָּל־הָאָרֶץ: יַדְבֵּר עַמִּים תַּחְתֵּינוּ וּלְאֻמִּים תַּחַת רַגְלֵינוּ:
ה יִבְחַר־לָנוּ אֶת־נַחֲלָתֵנוּ אֶת גְּאוֹן יַעֲקֹב אֲשֶׁר־אָהֵב סֶלָה:
ו ז עָלָה אֱלֹהִים בִּתְרוּעָה יְהוָה בְּקוֹל שׁוֹפָר: זַמְּרוּ אֱלֹהִים
ח זַמֵּרוּ זַמְּרוּ לְמַלְכֵּנוּ זַמֵּרוּ: כִּי מֶלֶךְ *כָּל־הָאָרֶץ אֱלֹהִים
ט זַמְּרוּ מַשְׂכִּיל: מָלַךְ אֱלֹהִים עַל־גּוֹיִם אֱלֹהִים יָשַׁב | עַל־

ס ז, ה׳ סגול בלי מקף    ח׳ ס״א על כל

פון געקעסטלטן גאָלדוועב איר מלבוש.
15 אויף געשטיקטע געוואַנטן ווערט זי צום מלך געפירט;
הינטער איר יונגפרויען, חברטעס אירע, ווערן דיר
געבראַכט.
16 זיי ווערן געפירט מיט פריידן און לוסטיקייט,
זיי קומען אין פּאַלאַץ פון מלך.

17 אָנשטאָט דיינע פּאָטערס וועלן זיין דיינע זין;
וועסט זיי אויפזעצן פאַר האַרן אין גאַנצן לאַנד.
18 איך וועל מאַכן דערמאָנען דיין נאָמען אויף אַלע דור־
דורות,
דרום וועלן פעלקער דיך לויבן אויף אייביק און
שטענדיק.

מו 1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; פון די קינדער פון
קֹרַח; אויף עֲלָמוֹת; אַ ליד.
2 גאָט איז אונדז אַ באַשיצונג און אַ שטאַרקייט,
אַ הילף אין צרות, גרינג צו געפינען.
3 דרום וועלן מיר ניט מורא האָבן,
ווען די ערד זאָל זיך בייטן,
און ווען די בערג זאָלן אומפאַלן
אין האַרצן פון ים.
4 מעגן ברומען, מעגן שוימען זיינע וואַסערןא,
מעגן ציטערן די בערג פאַר זיין הויכקייט. סֶלָה.

5 אַ טייך איז דאָ, וואָס זיינע שטראָמען דערפרייען די
שטאָט פון גאָט,
די הייליקסטע וווינונג פון העכסטן.
6 גאָט איז אין איר מיט, זי וועט ניט אומפאַלן,
גאָט וועט זי העלפן אַקעגן פרימאָרגן.
7 פעלקער האָבן געטומלט, קיניגרייכן זיינען אומגעפאַלן;
ער האָט אַרויסגעלאָזט זיין קָול, טוט זיך וואַקלען די
ערד.

8 מיט אונדז איז יהוה פון צבָאוֹת,
אַ פעסטונג איז אונדז דער גאָט פון יעקב. סֶלָה.

9 גייט זעט די אויפטוען פון גאָט,
וואָס האָט געמאַכט פאַרוויסטונגען אין לאַנד.
10 ער מאַכט אויפהערן מלחמות ביזן עק פון דער ערד,
דעם בויגן צעברעכט ער, און טוט צעהאַקן דעם
שפּיז;
רייטוועגן פאַרברענט ער אין פייער.
11 „לאָזט אָפּ, און זייט וויסן אַז איך בין גאָט,
איך בין דערהויבן צווישן די פעלקער,
דערהויבן אויף דער ערד.“
12 יהוה פון צבָאוֹת איז מיט אונדז,
אַ פעסטונג איז אונדז דער גאָט פון יעקב. סֶלָה.

מז 1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; פון די קינדער פון
קֹרַח אַ מִזמור.

2 קלאַפּט די הענט, אַלע פעלקער,
שאַלט צו גאָט מיט אַ קָול פון געזאַנג.
3 וואָרום יהוה דער אויבערשטער איז פאָרכטיק,
אַ גרויסער מלך איבער דער גאַנצער ערד.
4 ער אונטערטעניקט פעלקער אונטער אונדז,
און אומות אונטער אונדזערע פיס.
5 ער ווײלט אונדז אויס אונדזער נחלה,
דעם שטאָלץ פון יעקב וואָס ער האָט ליב. סֶלָה.

6 גאָט איז אויפגעגאַנגען מיט שאַלונג,
יהוה מיט אַ קָול פון שופר.
7 זינגט צו גאָט, זינגט,
זינגט צו אונדזער מלך, זינגט.
8 וואָרום גאָט איז דער מלך פון דער גאַנצער ערד;
זינגט מיט באַטראַכט.
9 גאָט קיניגט איבער די פעלקער,
גאָט זיצט אויף זיין הייליקן טראָן.

א וואָרטשפּיל: יֶהֱמוּ יֶחְמְרוּ מֵימָיו.

10 די פירשטן פון די אומות האָבן זיך אײַנגעזאַמלט,
דאָס פאָלק פון דעם גאָט פון אַברהם;
וואָרום צו גאָט זײַנען די שילדן פון דער ערד,
ער איז זייער דערהויבן.

## מח

1 אַ געזאַנג; אַ מִזמור פון די קינדער פון קֹרַח.
2 גרויס איז גאָט, און זייער געלויבט
אין דער שטאָט פון אונדזער גאָט, אויף זײַן הייליקן
בּאַרג.
3 שיין דערהייכט, די פרייד פון דער גאַנצער ערד,
איז דער בּאַרג צִיוֹן אין די עקן פון צפון,
די שטאָט פון דעם גרויסן מלך.
4 גאָט אין אירע פּאַלאַצן
איז באַקאַנט פאַר אַ פעסטונג.
5 וואָרום זע, מלכים האָבן זיך אײַנגעזאַמלט,
זיי זײַנען אַריבּערגעקומען אין איינעם.
6 ווי זיי האָבן געזען, אַזוי האָבן זיי געגאַפט,
דערשראָקענע האָבן זיי אַוועקגעאײַלט.
7 אַ ציטערניש האָט זיי אָנגענומען דאָרטן,
אַ ווייעניש ווי אַ געווינערין.
8 מיט אַ מזרח־ווינט האָסטו צעבּראָכן
די שיפן פון תַּרשיש.
9 ווי מיר האָבן געהערט, אַזוי האָבן מיר געזען,
אין דער שטאָט פון יהוה פון צבָאוֹת,
אין דער שטאָט פון אונדזער גאָט;
גאָט זאָל זי אויפהאַלטן בּיז אייבּיק. סֶלָה.

10 מיר האָבן געטראַכט, גאָט, אָן דײַן חסד,
אין דער מיט פון דײַן טעמפּל.
11 אַזוי ווי דײַן נאָמען, גאָט,
אַזוי איז דײַן לויבּ בּיז די עקן פון דער ערד;
פול מיט גערעכטיקייט איז דײַן רעכטע האַנט.
12 זאָל זיך פרייען דער בּאַרג צִיוֹן,
זאָלן לוסטיק זײַן די טעכטערשטעט פון יהודה,
פון וועגן דײַנע משפּטים.
13 גייט אַרום צִיוֹן, און רינגלט זי אַרום,
ציילט איבּער אירע טורעמס.
14 טוט אַכט אויף אירע מויער,
גייט דורך אירע פּאַלאַצן;
כּדי איר זאָלט דערציילן דעם שפּעטערדיקן דָור,
אַז דאָס איז גאָט, אונדזער גאָט, אייבּיק און שטענדיק;
ער וועט אונדז פירן בּיז אייבּיקייט.

## מט

1 פאַר דעם געזאַנגסמייסטער; פון די קינדער
פון קֹרַח; אַ מִזמור.
2 הערט דאָס צו, אַלע פעלקער,
פאַרנעמט, אַלע בּאַוווינער פון דער וועלט,
3 סיי אַזוי מענטשן, סיי אָנגעזעענע לײַט,
רײַך און אָרים אין איינעם.
4 מײַן מויל וועט רעדן חכמה,
און די טראַכטונג פון מײַן האַרצן וועט זײַן פאַר־
שטאַנדיקייט.

י כִּסֵּא קָדְשׁוֹ׃ נְדִיבֵי עַמִּים ׀ נֶאֱסָפוּ עַם אֱלֹהֵי אַבְרָהָם כִּי
לֵאלֹהִים מָגִנֵּי־אֶרֶץ מְאֹד נַעֲלָה׃

מח

א ב שִׁיר מִזְמוֹר לִבְנֵי־קֹרַח׃ גָּדוֹל יְהוָה וּמְהֻלָּל מְאֹד בְּעִיר
ג אֱלֹהֵינוּ הַר־קָדְשׁוֹ׃ יְפֵה נוֹף מְשׂוֹשׂ כָּל־הָאָרֶץ הַר־צִיּוֹן
ד יַרְכְּתֵי צָפוֹן קִרְיַת מֶלֶךְ רָב׃ אֱלֹהִים בְּאַרְמְנוֹתֶיהָ נוֹדַע
ה ו לְמִשְׂגָּב׃ כִּי־הִנֵּה הַמְּלָכִים נוֹעֲדוּ עָבְרוּ יַחְדָּו׃ הֵמָּה רָאוּ
ז כֵּן תָּמָהוּ נִבְהֲלוּ נֶחְפָּזוּ׃ רְעָדָה אֲחָזָתַם שָׁם חִיל כַּיּוֹלֵדָה׃
ח ט בְּרוּחַ קָדִים תְּשַׁבֵּר אֳנִיּוֹת תַּרְשִׁישׁ׃ כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ ׀
כֵּן רָאִינוּ בְּעִיר יְהוָה־צְבָאוֹת בְּעִיר אֱלֹהֵינוּ אֱלֹהִים יְכוֹנְנֶהָ
י עַד־עוֹלָם סֶלָה׃ דִּמִּינוּ אֱלֹהִים חַסְדֶּךָ בְּקֶרֶב הֵיכָלֶךָ׃
יא כְּשִׁמְךָ ׀ אֱלֹהִים כֵּן תְּהִלָּתְךָ עַל־קַצְוֵי־אֶרֶץ צֶדֶק מָלְאָה
יב יְמִינֶךָ׃ יִשְׂמַח ׀ הַר־צִיּוֹן תָּגֵלְנָה בְּנוֹת יְהוּדָה לְמַעַן
יג יד מִשְׁפָּטֶיךָ׃ סֹבּוּ צִיּוֹן וְהַקִּיפוּהָ סִפְרוּ מִגְדָּלֶיהָ׃ שִׁיתוּ
לִבְּכֶם ׀ לְחֵילָה פַּסְּגוּ אַרְמְנוֹתֶיהָ לְמַעַן תְּסַפְּרוּ לְדוֹר
טו אַחֲרוֹן׃ כִּי זֶה ׀ אֱלֹהִים אֱלֹהֵינוּ עוֹלָם וָעֶד הוּא יְנַהֲגֵנוּ
עַל־מוּת׃

מט

א ב לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי־קֹרַח מִזְמוֹר׃ שִׁמְעוּ־זֹאת כָּל־הָעַמִּים
ג הַאֲזִינוּ כָּל־יֹשְׁבֵי חָלֶד׃ גַּם־בְּנֵי אָדָם גַּם־בְּנֵי־אִישׁ יַחַד
ד עָשִׁיר וְאֶבְיוֹן׃ פִּי יְדַבֵּר חָכְמוֹת וְהָגוּת לִבִּי תְבוּנוֹת׃
ה ו אַטֶּה לְמָשָׁל אָזְנִי אֶפְתַּח בְּכִנּוֹר חִידָתִי׃ לָמָּה אִירָא
ז בִּימֵי רָע עֲוֹן עֲקֵבַי יְסוּבֵּנִי׃ הַבֹּטְחִים עַל־חֵילָם וּבְרֹב
ח עָשְׁרָם יִתְהַלָּלוּ׃ אָח לֹא־פָדֹה יִפְדֶּה אִישׁ לֹא־יִתֵּן
ט י לֵאלֹהִים כָּפְרוֹ׃ וְיֵקַר פִּדְיוֹן נַפְשָׁם וְחָדַל לְעוֹלָם׃ וִיחִי־
יא עוֹד לָנֶצַח לֹא יִרְאֶה הַשָּׁחַת׃ כִּי יִרְאֶה ׀ חֲכָמִים יָמוּתוּ
יב יַחַד כְּסִיל וָבַעַר יֹאבֵדוּ וְעָזְבוּ לַאֲחֵרִים חֵילָם׃ קִרְבָּם

מח, ה׳ חיס באתנח   יא׳ סגול באתנח   יד׳ לא מפיק ה
מט, ו׳ שורק עם הדגש

5 איך וועל נייגן צו אַ משל מײַן אויער,
איך וועל אָנהייבּן מיט אַ האַרף מײַן רעטעניש.
6 פאַרוואָס זאָל איך מורא האָבּן אין די טעג פון בּייז,
ווען די זינד פון מײַנע טרעטער רינגלט מיך אַרום?
7 די וואָס פאַרזיכערן זיך אויף זייער פאַרמעג,
און מיט זייער גרויס עשירות רימען זיי זיך.
8 ניט אויסקויפן אַ בּרודער קען אַ מענטש אויסקויפן,
ניט געבּן גאָט אַן אויסלייז פאַר זיך;
9 און ווי ווערדיק עס זאָל זײַן דער אויסקויף פאַר זייער
זעל,
איז אויף אייבּיק פאַרמיטן,
10 מע זאָל שטענדיק אַלץ לעבּן,
מע זאָל ניט אָנזען די גרובּ.
11 וואָרום מע זעט אַז חכמים שטאַרבּן,
אַזוי ווי דער נאַר און דער פאַרגרעבּטער גייען אונטער,
און זיי לאָזן איבּער צו אַנדערע זייער פאַרמעג.
12 זיי טראַכטן בּיי זיך, זייערע הייזער זײַנען אויף אייבּיק,

בָּתֵּימוֹ ׀ לְעוֹלָם מִשְׁכְּנֹתָם לְדֹר וָדֹר קָרְאוּ בִשְׁמוֹתָם עֲלֵי
אֲדָמוֹת׃ וְאָדָם בִּיקָר בַּל־יָלִין נִמְשַׁל כַּבְּהֵמוֹת נִדְמוּ׃ יג
זֶה דַרְכָּם כֵּסֶל לָמוֹ וְאַחֲרֵיהֶם ׀ בְּפִיהֶם יִרְצוּ סֶלָה׃ כַּצֹּאן יד טו
לִשְׁאוֹל שַׁתּוּ מָוֶת יִרְעֵם וַיִּרְדּוּ בָם יְשָׁרִים ׀ לַבֹּקֶר וְצִירָם
לְבַלּוֹת שְׁאוֹל מִזְּבֻל לוֹ׃ אַךְ־אֱלֹהִים יִפְדֶּה נַפְשִׁי מִיַּד טז
שְׁאוֹל כִּי יִקָּחֵנִי סֶלָה׃ אַל־תִּירָא כִּי־יַעֲשִׁר אִישׁ כִּי־ יז
יִרְבֶּה כְּבוֹד בֵּיתוֹ׃ כִּי לֹא בְמוֹתוֹ יִקַּח הַכֹּל לֹא־יֵרֵד יח
אַחֲרָיו כְּבוֹדוֹ׃ כִּי־נַפְשׁוֹ בְּחַיָּיו יְבָרֵךְ וְיוֹדֻךָ כִּי־תֵיטִיב לָךְ׃ יט
תָּבוֹא עַד־דּוֹר אֲבוֹתָיו עַד־נֵצַח לֹא יִרְאוּ־אוֹר׃ אָדָם בִּיקָר כ כא
וְלֹא יָבִין נִמְשַׁל כַּבְּהֵמוֹת נִדְמוּ׃

נ

מִזְמוֹר לְאָסָף אֵל ׀ אֱלֹהִים יְהוָה דִּבֶּר וַיִּקְרָא־אָרֶץ מִמִּזְרַח־ א
שֶׁמֶשׁ עַד־מְבֹאוֹ׃ מִצִּיּוֹן מִכְלַל־יֹפִי אֱלֹהִים הוֹפִיעַ׃ ב
יָבֹא אֱלֹהֵינוּ וְאַל־יֶחֱרַשׁ אֵשׁ־לְפָנָיו תֹּאכֵל וּסְבִיבָיו נִשְׂעֲרָה ג
מְאֹד׃ יִקְרָא אֶל־הַשָּׁמַיִם מֵעָל וְאֶל־הָאָרֶץ לָדִין עַמּוֹ׃ ד
אִסְפוּ־לִי חֲסִידָי כֹּרְתֵי בְרִיתִי עֲלֵי־זָבַח׃ וַיַּגִּידוּ שָׁמַיִם ה ו
צִדְקוֹ כִּי־אֱלֹהִים ׀ שֹׁפֵט הוּא סֶלָה׃ שִׁמְעָה עַמִּי ׀ וַאֲדַבֵּרָה ז
יִשְׂרָאֵל וְאָעִידָה בָּךְ אֱלֹהִים אֱלֹהֶיךָ אָנֹכִי׃ לֹא עַל־ ח
זְבָחֶיךָ אוֹכִיחֶךָ וְעוֹלֹתֶיךָ לְנֶגְדִּי תָמִיד׃ לֹא־אֶקַּח מִבֵּיתְךָ ט
פָר מִמִּכְלְאֹתֶיךָ עַתּוּדִים׃ כִּי־לִי כָל־חַיְתוֹ־יָעַר בְּהֵמוֹת י
בְּהַרְרֵי־אָלֶף׃ יָדַעְתִּי כָּל־עוֹף הָרִים וְזִיז שָׂדַי עִמָּדִי׃ אִם־ יא יב
אֶרְעַב לֹא־אֹמַר לָךְ כִּי־לִי תֵבֵל וּמְלֹאָהּ׃ הַאוֹכַל בְּשַׂר יג
אַבִּירִים וְדַם עַתּוּדִים אֶשְׁתֶּה׃ זְבַח לֵאלֹהִים תּוֹדָה וְשַׁלֵּם יד
לְעֶלְיוֹן נְדָרֶיךָ׃ וּקְרָאֵנִי בְּיוֹם צָרָה אֲחַלֶּצְךָ וּתְכַבְּדֵנִי׃ טו
וְלָרָשָׁע ׀ אָמַר אֱלֹהִים מַה־לְּךָ לְסַפֵּר חֻקָּי וַתִּשָּׂא בְרִיתִי טז
עֲלֵי־פִיךָ׃ וְאַתָּה שָׂנֵאתָ מוּסָר וַתַּשְׁלֵךְ דְּבָרַי אַחֲרֶיךָ׃ יז
אִם־רָאִיתָ גַנָּב וַתִּרֶץ עִמּוֹ וְעִם מְנָאֲפִים חֶלְקֶךָ׃ פִּיךָ שָׁלַחְתָּ יח יט

מ ט, טו׳ מלעיל  וצירם קי  נ, ח׳ ס״א ועולתיך לנגדי

זייערע וווינונגען אויף דור־דורות;
זיי רופן לענדער אויף זייערע נעמען.
13 אָבער דער מענטש בלייבט ניט אין גדולה,
ער איז געגליכן צו בהמות וואָס ווערן פאַרשניטן.

14 דאָס איז דער וועג פון די וואָס זיינען בטוח ביי זיך,
און פון זייערע נאָכגייער וואָס קווען פון זייערע רייד.
סֶלָה.
15 מע לייגט זיי ווי שאָף אין דער אונטערערד,
דער טויט טוט זיי פּיטערן;
און איין פרימאָרגן–טרעטן די רעכטפאַרטיקע איבער
זיי;
און זייער געשטאַלט איז פאַר דער אונטערערד צום
פאַרפוילן,
ניטאָ קיין וווינונג פאַר איר.
16 אָבער גאָט וועט אויסלייזן מיין זעל פון דער מאַכט פון
אונטערערד,
וואָרום ער וועט מיך אַרויסנעמען. סֶלָה.

17 זאָלסט ניט מורא האָבן אַז עמיצער ווערט אָן עושר,
אַז די רייכקייט פון זיין הויז ווערט געמערט,
18 וואָרום ביי זיין טויט וועט ער גאָרנישט מיטנעמען,
זיין רייכקייט וועט ניט נידערן נאָך אים.
19 הגם ביי זיין לעבן פלעגט ער איינרעדן זיין זעל:
מע וועט דיך נאָך לויבן אַז דו וועסט זיך ווילטאָן.
20 זי וועט אָנקומען צו דעם דור פון זיינע עלטערן,
וואָס וועלן אויף אייביק ניט אָנזען דעם שיין.
21 אַ מענטש אין גדולה וואָס פאַרשטייט ניט,
איז געגליכן צו בהמות וואָס ווערן פאַרשניטן.

נ

1 אַ מִזמור פון אָסָפן.
דער גאָט פון געטער, יהוה, האָט גערעדט און גערופן
די ערד,
פון אויפגאַנג פון דער זון ביז איר אונטערגאַנג.

2 פון צִיוֹן דער קרוין פון שיינקייט,
האָט אַרויסגעשיינט גאָט.
3 אונדזער גאָט קומט, און ער שווייגט ניט,
אים פאַרויס פאַרצערט אַ פייער,
און אַרום אים טוט שטורעמען געוואַלטיק.
4 ער רופט צו די הימלען פון אויבן,
און צו דער ערד, כּדי צו משפטן זיין פאָלק:
5 זאַמלט מיר אַיין מיינע פרומע,
די וואָס שליסן מיין בונד איבער שלאַכטאָפּפער.
6 און די הימלען זאָגן אָן זיין גערעכטיקייט,
וואָרום גאָט, ער איז אַ ריכטער. סֶלָה.

7 הער מיין פאָלק, און איך וועל רעדן,
ישׂראל, און איך וועל דיך וואָרענען:
גאָט דיין גאָט בין איך.
8 ניט אום דיינע שלאַכטאָפּפער וועל איך דיך שטראָפן;
דיינע בראַנדאָפּפער זיינען דאָך תּמיד פאַר מיר.
9 איך וויל ניט נעמען פון דיין הויז קיין אָקס,
פון דיינע שטאַלן קיין בעק.
10 וואָרום מיין איז יעטוועדער חיה פון וואַלד,

די בהמות אויף טויזנט בערג.
11 איך קען יעטוועדער פויגל פון די בערג,
און די ווידמענונג פון פעלד איז ביי מיר.
12 אַז איך זאָל הונגעריק זיין, וועל איך דיר ניט זאָגן,
וואָרום מיין איז די וועלט און איר פולקייט.
13 צי עס איך דאָס פלייש פון אָקסן?
אָדער דאָס בלוט פון בעק טו איך טרינקען?
14 שלאַכט צו גאָט אַ דאַנקאָפּפער,
און באַצאָל דעם אויבערשטן דיינע נדרים.
15 און רוף מיך אין טאָג פון נויט,
וועל איך דיך דערלייזן, און דו וועסט מיך ערלעכן.

16 און צום רשע האָט גאָט געזאָגט:
ווי קומסטו צו דערציילן מיינע געזעצן,
און נעמען מיין בונד אויף דיין מויל?
17 אַז דו האָסט פיינט מוסר,
און האָסט געוואָרפן מיינע ווערטער הינטער דיר.
18 אַז דו האָסט געזען אַ גנב, האָסטו זיך געפריינטלט מיט אים,
און מיט נואפים איז געווען דיין טייל.
19 דיין מויל האָסטו לויז געלאָזט צום בייזן,

אונ דיין צונג פלעכט באַטרוג.
[20] ויצסטו, באַרעדסטו דיין ברודער,
דעם זון פון דיין מוטער באַנוולסטו.
[21] דאָס האָסטו געטאָן, און איך האָב געזאָלט שווייגן?
האָסטו געדאַכט, זיין ווי דו וועל איך זיין;
וועל איך דיך שטראָפן, און דיר לייגן פאַר דיינע אויגן.
[22] מערקט דאָס אַקאָרשט, איר וואָס פאַרגעסט אָן גאָט,
כדי איך זאָל ניט פאַרצוקן, און קיינער וועט ניט מציל זיין.
[23] דער וואָס שלאַכט אַ דאַנקאָפּפער, ערלעכט מיך,
אָבער דעם וואָס באַטראַכט דעם וועג,
אים וועל איך ווייזן די ישועה פון גאָט.

## נא

[1] פאַר דעם גוזאַנגמייסטער; אַ מִזמור פון דודן,
[2] ווען נָתָן דער נביא איז געקומען צו אים, נאָכדעם ווי ער איז געקומען צו בַּת־שֶׁבַעןֹ[א].
[3] לייטזעליק מיך, גאָט, לויט דיין חסד,
לויט דיין גרויס דערבאַרימונג מעק אָפּ מיינע פאַר־ברעכן.
[4] וואַש מיך אָפּ אין גאַנצן פון מיין זינד,
און פון מיין חטא טו מיך רייניקן.
[5] וואָרום איך ווייס מיינע פאַרברעכן,
און מיין חטא איז מיר תמיד אַנטקעגן.
[6] צו דיר אַליין האָב איך געזינדיקט,
און וואָס איז שלעכט אין דיינע אויגן האָב איך געטאָן;
דרום ביסטו רעכטפאַרטיק אין דיין רעדן,
ביסטו גערעכט אין דיין משפטן.

[7] זע, אין זינד בין איך געבאָרן געוואָרן,
און אין חטא האָט מיך מיין מוטער אַנטפאַנגען.
[8] אמת באַגערסטו דאָך אין די נירן,
טאָ לערן מיך חכמה וו עס איז פאַרהוילן.
[9] זאָלסט מיך רייניקן מיט אֵזוב־גראָז, אַז איך זאָל ריין ווערן,
זאָלסט מיך וואַשן, ביז ווייסער פון שניי זאָל איך ווערן.
[10] זאָלסט מיך מאַכן הערן פרייד און לוסטיקייט;
זאָלן דערפרייט ווערן די ביינער וואָס דו האָסט צעדריקט.
[11] פאַרבאָרג דיין פּנים פון מיינע חטאים,
און אַלע מיינע זינד פאַרמעק.
[12] אַ ריין האַרץ באַשאַף מיר, גאָט,
און אַ פעסט געמיט באַניי אין מיר.
[13] זאָלסט מיך ניט אַוועקוואַרפן פון דיר,
און דיין הייליקן גייסט זאָלסטו ניט אַוועקנעמען פון מיר.
[14] קער מיר אום די פרייד פון דיין הילף,
און אַ פריי געמיט זאָלסטו מיר שענקען.
[15] איך וועל לערנען פאַרברעכער דיינע וועגן,
און זינדיקע וועלן זיך אומקערן צו דיר.
[16] זיי מיך מציל פון בלוטיקייט,

כ בְּרָעָה וּֽלְשֽׁוֹנְךָ תַּצְמִיד מִרְמָה׃ תֵּשֵׁב בְּאָחִיךָ תְדַבֵּר
כא בְּבֶן־אִמְּךָ תִּתֶּן־דֹּֽפִי׃ אֵלֶּה עָשִׂיתָ ׀ וְֽהֶחֱרַשְׁתִּי דִּמִּיתָ הֱֽיוֹת
כב אֶֽהְיֶה כָמוֹךָ אוֹכִיחֲךָ וְאֶעֶרְכָה לְעֵינֶיךָ׃ בִּֽינוּ־נָא זֹאת
כג שֹׁכְחֵי אֱלוֹהַּ פֶּן־אֶטְרֹף וְאֵין מַצִּיל׃ זֹבֵחַ תּוֹדָה יְֽכַבְּדָנְנִי
וְשָׂם דֶּרֶךְ אַרְאֶנּוּ בְּיֵשַׁע אֱלֹהִים׃

## נא

א ב לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ בְּבוֹא־אֵלָיו נָתָן הַנָּבִיא כַּאֲשֶׁר־
ג בָּא אֶל־בַּת־שָֽׁבַע׃ חָנֵּנִי אֱלֹהִים כְּחַסְדֶּךָ כְּרֹב רַחֲמֶיךָ
ד ה מְחֵה פְשָׁעָי׃ הֶרֶבה כַּבְּסֵנִי מֵעֲוֺנִי וּֽמֵחַטָּאתִי טַהֲרֵנִי׃ כִּֽי־
ו פְשָׁעַי אֲנִי אֵדָע וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד׃ לְךָ לְבַדְּךָ ׀ חָטָאתִי
וְהָרַע בְּעֵינֶיךָ עָשִׂיתִי לְמַעַן־תִּצְדַּק בְּדָבְרֶךָ תִּזְכֶּה בְשָׁפְטֶךָ׃
ז ח הֵן־בְּעָווֹן חוֹלָלְתִּי וּבְחֵטְא יֶחֱמַתְנִי אִמִּי׃ הֵן אֱמֶת חָפַצְתָּ
ט בַטֻּחוֹת וּבְסָתֻם חָכְמָה תוֹדִיעֵנִי׃ תְּחַטְּאֵנִי בְאֵזוֹב וְאֶטְהָר
י תְּכַבְּסֵנִי וּמִשֶּׁלֶג אַלְבִּין׃ תַּשְׁמִיעֵנִי שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה תָּגֵלְנָה
יא עֲצָמוֹת דִּכִּיתָ׃ הַסְתֵּר פָּנֶיךָ מֵחֲטָאָי וְכָל־עֲוֺנֹתַי מְחֵה׃
יב יג לֵב טָהוֹר בְּרָא־לִי אֱלֹהִים וְרוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי׃ אַל־
יד תַּשְׁלִיכֵנִי מִלְּפָנֶיךָ וְרוּחַ קָדְשְׁךָ אַל־תִּקַּח מִמֶּנִּי׃ הָשִׁיבָה
טו לִּי שְׂשׂוֹן יִשְׁעֶךָ וְרוּחַ נְדִיבָה תִסְמְכֵנִי׃ אֲלַמְּדָה פֹשְׁעִים
טז דְּרָכֶיךָ וְחַטָּאִים אֵלֶיךָ יָשׁוּבוּ׃ הַצִּילֵנִי מִדָּמִים ׀ אֱלֹהִים
יז אֱלֹהֵי תְּשׁוּעָתִי תְּרַנֵּן לְשׁוֹנִי צִדְקָתֶךָ׃ אֲדֹנָי שְׂפָתַי תִּפְתָּח
יח וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ׃ כִּי ׀ לֹא־תַחְפֹּץ זֶבַח וְאֶתֵּנָה עוֹלָה
יט לֹא תִרְצֶה׃ זִבְחֵי אֱלֹהִים רוּחַ נִשְׁבָּרָה לֵב־נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה
כ אֱלֹהִים לֹא תִבְזֶה׃ הֵיטִיבָה בִרְצוֹנְךָ אֶת־צִיּוֹן תִּבְנֶה
כא חוֹמוֹת יְרוּשָׁלִָם׃ אָז תַּחְפֹּץ זִבְחֵי־צֶדֶק עוֹלָה וְכָלִיל אָז
יַעֲלוּ עַל־מִזְבַּחֲךָ פָרִים׃

## נב

א ב לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לְדָוִד׃ בְּבוֹא ׀ דּוֹאֵג הָאֲדֹמִי וַיַּגֵּד לְשָׁאוּל

נ, כא׳ אוֹכִיחֲךָ ואערכה    נא, ד׳ הרב קרי

גאָט דו גאָט פון מיין הילף;
זאָל מיין צונג זינגען דיין גערעכטיקייט.
[17] גאָט, מיינע ליפּן זאָלסטו עפענען,
און זאָל מיין מויל דערציילן דיין לויב.
[18] וואָרום באַגערסט ניט אַ שלאַכטאָפּפער אַז איך זאָל געבן,
אַ בראַנדאָפּפער ווילסטו ניט.
[19] די שלאַכטאָפּפער פון גאָט זיינען אַ צעבראָכן געמיט,
אַ צעבראָכן און דערשלאָגן האַרץ, גאָט, פאַראַכטסטו ניט.

[20] באַגיטיק אין דיין באַווילִיקונג צִיון,
בויען זאָלסטו די מויערן פון ירושָלַיִם.
[21] דענסמאָל וועסטו באַגערן שלאַכטאָפּפער פון גערעכטיקייט,
בראַנדאָפּפער און גאַנצאָפּפער;
דענסמאָל וועט מען אויפברענגען אָקסן אויף דיין מזבח.

## נב

[1] פאַר דעם גוזאַנגמייסטער; אַ באַטראַכטונג פון דודן, [2] ווען דואֵג דער אַדוֹמי איז געקומען, און האָט דערציילט

[א] זע שמואל ב׳, יא–יב.

וַיֹּאמֶר לוֹ בָּא־דָוִד אֶל־בֵּית אֲחִימֶלֶךְ׃ מַה־תִּתְהַלֵּל ג
בְּרָעָה הַגִּבּוֹר חֶסֶד אֵל כָּל־הַיּוֹם׃ הַוּוֹת תַּחְשֹׁב לְשׁוֹנֶךָ ד
כְּתַעַר מְלֻטָּשׁ עֹשֵׂה רְמִיָּה׃ אָהַבְתָּ רָּע מִטּוֹב שֶׁקֶר ׀ ה
מִדַּבֵּר צֶדֶק סֶלָה׃ אָהַבְתָּ כָל־דִּבְרֵי־בָלַע לְשׁוֹן מִרְמָה׃ ו
גַּם־אֵל יִתָּצְךָ לָנֶצַח יַחְתְּךָ וְיִסָּחֲךָ מֵאֹהֶל וְשֵׁרֶשְׁךָ מֵאֶרֶץ ז
חַיִּים סֶלָה׃ וְיִרְאוּ צַדִּיקִים וְיִירָאוּ וְעָלָיו יִשְׂחָקוּ׃ הִנֵּה ח ט
הַגֶּבֶר לֹא־יָשִׂים אֱלֹהִים מָעוּזּוֹ וַיִּבְטַח בְּרֹב עָשְׁרוֹ יָעֹז
בְּהַוָּתוֹ׃ וַאֲנִי כְּזַיִת רַעֲנָן בְּבֵית אֱלֹהִים בָּטַחְתִּי בְחֶסֶד י
אֱלֹהִים עוֹלָם וָעֶד׃ אוֹדְךָ לְעוֹלָם כִּי עָשִׂיתָ וַאֲקַוֶּה שִׁמְךָ יא
כִּי־טוֹב נֶגֶד חֲסִידֶיךָ׃

## נג

לַמְנַצֵּחַ עַל־מָחֲלַת מַשְׂכִּיל לְדָוִד׃ אָמַר נָבָל בְּלִבּוֹ אֵין א ב
אֱלֹהִים הִשְׁחִיתוּ וְהִתְעִיבוּ עָוֶל אֵין עֹשֵׂה־טוֹב׃ אֱלֹהִים ג
מִשָּׁמַיִם הִשְׁקִיף עַל־בְּנֵי־אָדָם לִרְאוֹת הֲיֵשׁ מַשְׂכִּיל דֹּרֵשׁ
אֶת־אֱלֹהִים׃ כֻּלּוֹ סָג יַחְדָּו נֶאֱלָחוּ אֵין עֹשֵׂה־טוֹב אֵין גַּם ד
אֶחָד׃ הֲלֹא יָדְעוּ פֹּעֲלֵי אָוֶן אֹכְלֵי עַמִּי אָכְלוּ לֶחֶם אֱלֹהִים ה
לֹא קָרָאוּ׃ שָׁם פָּחֲדוּ־פַחַד לֹא־הָיָה פָחַד כִּי־אֱלֹהִים ו
פִּזַּר עַצְמוֹת חֹנָךְ הֱבִשֹׁתָה כִּי־אֱלֹהִים מְאָסָם׃ מִי־יִתֵּן ז
מִצִּיּוֹן יְשֻׁעוֹת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב אֱלֹהִים שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב
יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל׃

## נד

לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינֹת מַשְׂכִּיל לְדָוִד׃ בְּבוֹא הַזִּיפִים וַיֹּאמְרוּ א ב
לְשָׁאוּל הֲלֹא דָוִד מִסְתַּתֵּר עִמָּנוּ׃ אֱלֹהִים בְּשִׁמְךָ הוֹשִׁיעֵנִי ג
וּבִגְבוּרָתְךָ תְדִינֵנִי׃ אֱלֹהִים שְׁמַע תְּפִלָּתִי הַאֲזִינָה לְאִמְרֵי־ ד
פִי׃ כִּי זָרִים ׀ קָמוּ עָלַי וְעָרִיצִים בִּקְשׁוּ נַפְשִׁי לֹא שָׂמוּ ה
אֱלֹהִים לְנֶגְדָּם סֶלָה׃ הִנֵּה אֱלֹהִים עֹזֵר לִי אֲדֹנָי בְּסֹמְכֵי ו
נַפְשִׁי׃ יָשׁוֹב הָרַע לְשֹׁרְרָי בַּאֲמִתְּךָ הַצְמִיתֵם׃ בִּנְדָבָה ז ח

נב, ה׳ ר׳ דגושה  ט׳ שורק עם הדגש  נד, ז׳ ישיב קרי

שָׁאולן, און אים אָנגעזאָגט: דוד איז געקומען אין אַחימֶלֶכס הויזא.
3 וואָס פּראָלסטו זיך מיט בייז, דו מאַכטיקער?
דער חסד פון גאָט איז אַלע טאָג.
4 אומגליקן טראַכט דיין צונג,
ווי אַ שאַרפער גאָלמעסער וואָס אַרבעט פאַלש.
5 האָסט ליב בייז מער ווי גוטס,
ליגן איידער רעדן גערעכטיקייט. סֶלָה.
6 האָסט ליב אַלע גערייד פון צעשטערונג,
דו צונג פון באַטרוג.
7 וועט אויך גאָט דיך צעברעכן אויף אייביק,
דיך אַרויסשאַרן און אַרויסרייסן פון געצעלט,
און דיך אויסוואָרצלען פון לאַנד פון די לעבעדיקע. סֶלָה.
8 און די צדיקים וועלן זען און וועלן פאָרכטן,
און זיי וועלן לאַכן איבער אים:
9 אָט איז דער מאַן וואָס האָט ניט געמאַכט גאָט פאַר זיין פעסטונג,
און האָט זיך פאַרזיכערט אויף זיין גרויס עשירות;
וואָס איז פאַרשייט געווען אין זיין געריקייט.
10 אָבער איך בין ווי אַ צווייגהאַפטיקער איילבערטבוים אין גאָטס הויז,
איך פאַרזיכער מיך אויף גאָטס חסד אייביק און שטענדיק.
11 איך וועל אייביק דיר דאַנקען, וואָס דו האָסט זיך איינגעשטעלט,
און איך וועל האָפן צו דיין נאָמען ווייל ער איז גוט, אַנטקעגן פאַר דיינע פרומע.

## נג

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; אויף מַחלַת; אַ באַטראַכטונג פון דודן.
2 דער נידערטרעכטיקער זאָגט אין זיין האַרצן: ניטאָ קיין גאָט!
פאַרדאָרבן זיינען זיי, און מיאוסע אומרעכט טוען זיי;
קיינער טוט ניט קיין גוטס.
3 גאָט האָט פון הימל געלוגט אויף די מענטשנקינדער,
צו זען אויב פאַראַן אַ פאַרשטאַנדיקער וואָס זוכט גאָט.
4 איטלעכער איז אָפּגעפאַלן, אַלע זיינען זיי פאַרדאָרבן,
קיינער טוט ניט קיין גוטס, ניט צומאָל איינער.
5 פאַרוואָר, דערשפירן וועלן די טוער פון אומרעכט,
די וואָס עסן מיין פאָלק ווי מע עסט ברויט,
די וואָס רופן ניט גאָט.
6 אָן אַנגסטן זיי אין אַנגסט, וווּ קיין אַנגסט איז ניט געווען,
וואָרום גאָט האָט צעשאָטן די ביינער פון דיין באַלעגערער;
האָסט זיי געמאַכט צו שאַנד, ווייל גאָט האָט זיי פאַראַכט.
7 ווען קומט פון ציון די ישועה פון ישראל?
ווען גאָט קערט אום די געפאַנגענשאַפט פון זיין פאָלק,
וועט לוסטיק זיין יעקב, וועט זיך פרייען ישראל.

## נד

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער, מיט סטרונעשפּיל; אַ באַטראַכטונג פון דודן, 2 ווען די זיפער זיינען געקומען, און האָבן געזאָגט צו שאָולן: פאַרוואָר, דוד באַהאַלט זיך ביי אונדז.
3 גאָט, מיט דיין נאָמען טו מיך העלפן,
און מיט דיין גבורה זאָלסטו זיך אָננעמען פאַר מיר.
4 גאָט, הער צו מיין תפילה,
פאַרנעם די ווערטער פון מיין מויל.
5 וואָרום פרעמדע זיינען אָנגעשטאַנען אויף מיר,
און געוואַלטטוער זוכן מיין לעבן;
זיי האַלטן ניט גאָט אַנטקעגן זיך. סֶלָה.
6 זע, גאָט איז מיר אַ העלפער,
יהוה איז דער אונטערלענער פון מיין זעל.
7 זאָל ער אומקערן דאָס בייז אויף מיינע לויערער;
אין דיין טריישאַפט פאַרשנייד זיי.
8 מיט ווילִיקייט וועל איך שלאַכטן צו דיר,

א זע שמואל א׳ כא כב.

ט אֽוֹבְחָה־לָּךְ אוֹדֶה שִּׁמְךָ יְהוָה כִּי־טוֹב׃ כִּי מִכָּל־צָרָה
הִצִּילָנִי וּבְאֹיְבַי רָאֲתָה עֵינִי׃

## נה

א ב לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינֹת מַשְׂכִּיל לְדָוִד׃ הַאֲזִינָה אֱלֹהִים תְּפִלָּתִי
ג וְאַל־תִּתְעַלַּם מִתְּחִנָּתִי׃ הַקְשִׁיבָה לִּי וַעֲנֵנִי אָרִיד בְּשִׂיחִי
ד וְאָהִימָה׃ מִקּוֹל אוֹיֵב מִפְּנֵי עָקַת רָשָׁע כִּי־יָמִיטוּ עָלַי אָוֶן
ה וּבְאַף יִשְׂטְמוּנִי׃ לִבִּי יָחִיל בְּקִרְבִּי וְאֵימוֹת מָוֶת נָפְלוּ
ו ז עָלָי׃ יִרְאָה וָרַעַד יָבֹא בִי וַתְּכַסֵּנִי פַּלָּצוּת׃ וָאֹמַר מִי־
ח יִתֶּן־לִּי אֵבֶר כַּיּוֹנָה אָעוּפָה וְאֶשְׁכֹּנָה׃ הִנֵּה אַרְחִיק נְדֹד
ט אָלִין בַּמִּדְבָּר סֶלָה׃ אָחִישָׁה מִפְלָט לִי מֵרוּחַ סֹעָה
י מִסָּעַר׃ בַּלַּע אֲדֹנָי פַּלַּג לְשׁוֹנָם כִּי־רָאִיתִי חָמָס וְרִיב בָּעִיר׃
יא יוֹמָם וָלַיְלָה יְסוֹבְבֻהָ עַל־חוֹמֹתֶיהָ וְאָוֶן וְעָמָל בְּקִרְבָּהּ׃
יב יג הַוּוֹת בְּקִרְבָּהּ וְלֹא־יָמִישׁ מֵרְחֹבָהּ תֹּךְ וּמִרְמָה׃ כִּי לֹא־
אוֹיֵב יְחָרְפֵנִי וְאֶשָּׂא לֹא־מְשַׂנְאִי עָלַי הִגְדִּיל וְאֶסָּתֵר מִמֶּנּוּ׃
יד טו וְאַתָּה אֱנוֹשׁ כְּעֶרְכִּי אַלּוּפִי וּמְיֻדָּעִי׃ אֲשֶׁר יַחְדָּו נַמְתִּיק
טז סוֹד בְּבֵית אֱלֹהִים נְהַלֵּךְ בְּרָגֶשׁ׃ יַשִּׁימָוֶת ׀ עָלֵימוֹ יֵרְדוּ
יז שְׁאוֹל חַיִּים כִּי־רָעוֹת בִּמְגוּרָם בְּקִרְבָּם׃ אֲנִי אֶל־אֱלֹהִים
יח אֶקְרָא וַיהוָה יוֹשִׁיעֵנִי׃ עֶרֶב וָבֹקֶר וְצָהֳרַיִם אָשִׂיחָה
יט וְאֶהֱמֶה וַיִּשְׁמַע קוֹלִי׃ פָּדָה בְשָׁלוֹם נַפְשִׁי מִקֲּרָב־לִי כִּי־
כ בְרַבִּים הָיוּ עִמָּדִי׃ יִשְׁמַע ׀ אֵל ׀ וְיַעֲנֵם וְיֹשֵׁב קֶדֶם סֶלָה
כא אֲשֶׁר אֵין חֲלִיפוֹת לָמוֹ וְלֹא יָרְאוּ אֱלֹהִים׃ שָׁלַח יָדָיו
כב בִּשְׁלֹמָיו חִלֵּל בְּרִיתוֹ׃ חָלְקוּ ׀ מַחְמָאֹת פִּיו וּקֲרָב־לִבּוֹ רַכּוּ
כג דְבָרָיו מִשֶּׁמֶן וְהֵמָּה פְתִחוֹת׃ הַשְׁלֵךְ עַל־יְהוָה ׀ יְהָבְךָ
כד וְהוּא יְכַלְכְּלֶךָ לֹא־יִתֵּן לְעוֹלָם מוֹט לַצַּדִּיק׃ וְאַתָּה אֱלֹהִים ׀
תּוֹרִדֵם לִבְאֵר שַׁחַת אַנְשֵׁי דָמִים וּמִרְמָה לֹא־יֶחֱצוּ יְמֵיהֶם
וַאֲנִי אֶבְטַח־בָּךְ׃

נה, ו׳ סבירין יבאו   טז׳ ישׁיא מות קרי

איך וועל לויבן דיין נאָמען, גאָט, וואָרום ער איז גוט.
9 וואָרום פון יעטוועדער צרה האָט ער מיך מציל געווען,
און מיין אויג האָט זיך אָנגעזען אויף מיינע פיינט.

## נה

1 פאַר דעם גוואַנגמייסטער, מיט סטרונעשפיל;
אַ באַטראַכטונג פון דודן.
2 פאַרנעם, גאָט, מיין תפילה,
און זאָלסט זיך ניט פאַרהוילן פון מיין געבעט.
3 הערך צו מיר, און ענטפער מיר;
איך לויף אום אין מיין קלאָג, און איך ברום,
4 פון דעם קול פון דעם פיינט,
פון וועגן דער דריקונג פון דעם רשע;
וואָרום זיי ברענגען אויף מיר אומגליק,
און מיט צאָרן טוען זיי מיך פיינטן.
5 מיין האַרץ צאַפּלט אין מיר,
און טויטשרעקן זיינען אָנגעפאַלן אויף מיר.
6 אַ מורא און אַ ציטערניש קומט אויף מיר,
און אַ שוידער האָט מיך באַדעקט.
7 און איך זאָג: ווער גיט מיר פליגלען ווי אַ טויב,
איך וואָלט אַוועקגעפלויגן און גערוט.
8 אָט וואָלט איך אַוועקגעוואָגלט ווייט,
איך וואָלט געווײַלט אין דער מדבר. סֶלָה.
9 איך וואָלט מיר געאײַלט צו אַן אַנטרינונג
פון רייסיקן ווינט, פונעם שטורעם.
10 צעמיש, גאָט, צעטייל זייער שפּראַך,
וואָרום איך האָב געזען רויב און קריג אין שטאָט.
11 טאָג און נאַכט רינגלען זיי זי אַרום אויף אירע מויערן,
און אומרעכט און אומגליק איז אין איר מיט.
12 פאַרברעכן זיינען אין איר מיט,
און פון איר מאַרק טוט זיך ניט אָפּ דריקונג און באַטרוג.
13 וואָרום ניט אַ פיינט טוט מיך לעסטערן—
דאָס וואָלט איך פאַרטראָגן;
ניט מיין שונא האָט זיך געגרייסט איבער מיר—
פון אים וואָלט איך מיך פאַרבאָרגן;
14 נאָר דו, אַ מענטש מיין גלייכן,
מיין חבר און מיין באַקענטער,
15 וואָס באַנאַנד פלעגן מיר זיס זיך סודען,
גיין אין גאָטס הויז מיט געזעמל.
16 זאָל ער אָנרייצן דעם טויט אויף זיי,
זאָלן זיי נידערן לעבעדיקערהייט אין אונטערערד!
וואָרום בייז איז אין זייער וווינונג, צווישן זיי.

17 איך וועל רופן צו גאָט,
און יהוה וועט מיך העלפן.
18 אָוונט און פרימאָרגן און מיטנטאָג
וועל איך קלאָגן און וועל ברומען,
און ער טוט הערן מיין קול.
19 ער טוט אויסלייזן בשלום מיין זעל,
מע זאָל ניט גענענען צו מיר,
הגם זיי זיינען פיל קעגן מיר.
20 גאָט וועט הערן און וועט זיי אונטערטעניק מאַכן—
דער וואָס טראָנט פון אייביק אָן. סֶלָה;
וואָרום ניטאָ קיין אָפּבייט ביי זיי,
און זיי האָבן ניט מורא פאַר גאָט.
21 ער שטרעקט אויס זיינע הענט
אויף די וואָס זיינען אין שלום מיט אים,
ער פאַרשוועכט זיין בונד.
22 גלאַט זיינען די שמאַנטיקע רייד פון זיין מויל,
און זיין האַרץ איז מלחמה;
ווייכער פון בוימל זיינען זיינע ווערטער,
אָבער זיי זיינען שווערדן בלויזע.

23 וואַרף אויף גאָט דיין לאַסט,
און ער וועט דיך פאַרזאָרגן;
ער וועט קיינמאָל ניט לאָזן פאַלן דעם צדיק.
24 אָבער דו גאָט וועסט זיי נידערן אין קבר־גרוב,
די לייט פון בלוט און באַטרוג
וועלן ניט אויסלעבן האַלב זייערע טעג;
און איך וועל מיך פאַרזיכערן אויף דיר.

## נו

לַמְנַצֵּחַ עַל־יוֹנַת אֵלֶם רְחֹקִים לְדָוִד מִכְתָּם בֶּאֱחֹז אֹתוֹ א
פְלִשְׁתִּים בְּגַת׃ חָנֵּנִי אֱלֹהִים כִּי־שְׁאָפַנִי אֱנוֹשׁ כָּל־הַיּוֹם ב
לֹחֵם יִלְחָצֵנִי׃ שָׁאֲפוּ שׁוֹרְרַי כָּל־הַיּוֹם כִּי־רַבִּים לֹחֲמִים ג
לִי מָרוֹם׃ יוֹם אִירָא אֲנִי אֵלֶיךָ אֶבְטָח׃ בֵּאלֹהִים אֲהַלֵּל ד ה
דְּבָרוֹ בֵּאלֹהִים בָּטַחְתִּי לֹא אִירָא מַה־יַּעֲשֶׂה בָשָׂר לִי׃
כָּל־הַיּוֹם דְּבָרַי יְעַצֵּבוּ עָלַי כָּל־מַחְשְׁבֹתָם לָרָע׃ יָגוּרוּ ׀ ו ז
יִצְפִּינוּ הֵמָּה עֲקֵבַי יִשְׁמֹרוּ כַּאֲשֶׁר קִוּוּ נַפְשִׁי׃ עַל־אָוֶן ח
פַּלֶּט־לָמוֹ בְּאַף עַמִּים ׀ הוֹרֵד אֱלֹהִים׃ נֹדִי סָפַרְתָּה אָתָּה ט
שִׂימָה דִמְעָתִי בְנֹאדֶךָ הֲלֹא בְּסִפְרָתֶךָ׃ אָז ׀ יָשׁוּבוּ אוֹיְבַי י
אָחוֹר בְּיוֹם אֶקְרָא זֶה־יָדַעְתִּי כִּי־אֱלֹהִים לִי׃ בֵּאלֹהִים יא
אֲהַלֵּל דָּבָר בַּיהוָה אֲהַלֵּל דָּבָר׃ בֵּאלֹהִים בָּטַחְתִּי לֹא אִירָא יב
מַה־יַּעֲשֶׂה אָדָם לִי׃ עָלַי אֱלֹהִים נְדָרֶיךָ אֲשַׁלֵּם תּוֹדֹת יג
לָךְ׃ כִּי הִצַּלְתָּ נַפְשִׁי מִמָּוֶת הֲלֹא רַגְלַי מִדֶּחִי לְהִתְהַלֵּךְ יד
לִפְנֵי אֱלֹהִים בְּאוֹר הַחַיִּים׃

## נז

לַמְנַצֵּחַ אַל־תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם בְּבָרְחוֹ מִפְּנֵי־שָׁאוּל א
בַּמְּעָרָה׃ חָנֵּנִי אֱלֹהִים ׀ חָנֵּנִי כִּי בְךָ חָסָיָה נַפְשִׁי וּבְצֵל־ ב
כְּנָפֶיךָ אֶחְסֶה עַד־יַעֲבֹר הַוּוֹת׃ אֶקְרָא לֵאלֹהִים עֶלְיוֹן ג
לָאֵל גֹּמֵר עָלָי׃ יִשְׁלַח מִשָּׁמַיִם ׀ וְיוֹשִׁיעֵנִי חֵרֵף שֹׁאֲפִי ד
סֶלָה יִשְׁלַח אֱלֹהִים חַסְדּוֹ וַאֲמִתּוֹ׃ נַפְשִׁי ׀ בְּתוֹךְ לְבָאִם ה
אֶשְׁכְּבָה לֹהֲטִים בְּנֵי־אָדָם שִׁנֵּיהֶם חֲנִית וְחִצִּים וּלְשׁוֹנָם
חֶרֶב חַדָּה׃ רוּמָה עַל־הַשָּׁמַיִם אֱלֹהִים עַל כָּל־הָאָרֶץ ו
כְּבוֹדֶךָ׃ רֶשֶׁת ׀ הֵכִינוּ לִפְעָמַי כָּפַף נַפְשִׁי כָּרוּ לְפָנַי שִׁיחָה ז
נָפְלוּ בְתוֹכָהּ סֶלָה׃ נָכוֹן לִבִּי אֱלֹהִים נָכוֹן לִבִּי אָשִׁירָה ח
וַאֲזַמֵּרָה׃ עוּרָה כְבוֹדִי עוּרָה הַנֵּבֶל וְכִנּוֹר אָעִירָה שָּׁחַר׃ ט
אוֹדְךָ בָעַמִּים ׀ אֲדֹנָי אֲזַמֶּרְךָ בַּלְאֻמִּים׃ כִּי־גָדֹל עַד־שָׁמַיִם י יא

נו, ג׳ ס״א כי־רבים   ז׳ יצפונו קרי   נז, ז׳ ס״א רשת הכינו׀

נו 1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער, אויף יוֹנַת אֵלֶם רחוקים; פון דודן אַ מִכתָּם, ווען די פלשתים האָבן אים געכאַפּט אין גַת.

2 לייטזעליק מיר, גאָט, וואָרום אַיינשלינגען וויל מיך אַ מענטש;
אַ גאַנצן טאָג דריקט ער מיך שטרייטנדיק[א].
3 אַיינשלינגען ווילן מיך מיינע לויערער אַ גאַנצן טאָג,
יאָ פיל, דו העכסטער, שטרייטן אויף מיר.
4 דעם טאָג וואָס איך האָב מורא
פאַרזיכער איך מיך אויף דיר.
5 אויף גאָט וואָס זיין וואָרט טו איך לויבן,
אויף גאָט האָב איך מיך פאַרזיכערט,
איך האָב ניט קיין מורא;
וואָס קען אַ בָּשָׂר־וָדָם מיר טאָן?

6 אַ גאַנצן טאָג קריוודען זיי מיינע טענות,
אַלע זייערע מחשבות זיינען צום בייזן אויף מיר.
7 זיי קלייבן זיך אויף, זיי באַהאַלטן זיך,
זיי היטן מיינע פוסטריט,
אַזוי ווי זיי קוקן אויס אויף מיין זעל.
8 פאַר דעם אומרעכט שליידער זיי אַרויס,
אין צאָרן די פעלקער וואַרף אַנידער, גאָט.
9 האָסט פאַרצייכנט מיין וואָגלעניש[ב],
טו אַריין מיין טרער אין דיין לאָגל[ב];
פאַרוואָר, זיי זיינען אין דיין בוך.
10 דענסמאָל וועלן מיינע פיינט זיך אומקערן אַהינטער,
אין דעם טאָג וואָס איך וועל רופן;
דאָס ווייס איך אַז גאָט איז פאַר מיר.
11 אויף גאָט וואָס [זיין] וואָרט טו איך לויבן,
אויף יהוה וואָס [זיין] וואָרט טו איך לויבן,
12 אויף גאָט האָב איך מיך פאַרזיכערט,
איך האָב ניט קיין מורא;
וואָס קען אַ מענטש מיר טאָן?

13 איך נעם אויף מיר, גאָט, נדרים צו דיר,
איך וועל אָפּצאָלן דאַנקאָפּפער צו דיר;
14 וואָרום האָסט מציל געווען מיין זעל פון טויט,
פאַרוואָר, מיינע פיס פון שטרויכלונג,
כּדי אַרומצוגיין פאַר גאָט
אין דעם ליכט פון לעבן.

נז 1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; אַל־תַּשחֵת; פון דודן אַ מִכתָּם, ווען ער איז אַנטלאָפן פון שָאולן אין דער היילי[ג].

2 לייטזעליק מיך, גאָט, לייטזעליק מיך,
וואָרום אין דיר האָט זיך געשיצט מיין זעל,
און אין שאָטן פון דיינע פליגלען וועל איך מיך שיצן
ביז די אומגליקן וועלן אַריבער.
3 איך וועל רופן צו גאָט דעם אויבערשטן,
צו גאָט וואָס פירט אויס פאַר מיר.
4 ער וועט שיקן פון הימל, און מיך העלפן,
מעג לעסטערן דער וואָס וויל מיך אַיינשלינגען, סֶלָה;
גאָט וועט שיקן זיין חסד און זיין טריישאַפט.

5 מיין זעל איז צווישן לייבן,
איך ליג צווישן מענטשנקינדער לָהוטע;
זייערע ציין זיינען שפּיזן און פיילן,
און זייער צונג אַ שווערד אַ שאַרפע.
6 דערהייב דיך איבער די הימלען, גאָט,
איבער דער גאַנצער ערד זאָל זיין דיין כּבוד.
7 אַ נעץ האָבן זיי אָנגעברייט פאַר מיינע טריט,
מע האָט אַיינגעבויגן מיין זעל;
זיי האָבן געגראָבן פאַר מיר אַ גרוב,
זיינען זיי אַליין אַריינגעפאַלן אין איר. סֶלָה.
8 פעסט איז מיין האַרץ, גאָט, פעסט איז מיין האַרץ,
איך וועל זינגען און שפּילן.
9 דערוועק דיך, מיין זעל[ד],
דערוועק דיך, גיטאַר און האַרף;
לאָמיך אויפוועקן דעם באַגינען.
10 איך וועל דיך לויבן צווישן די פעלקער, גאָט,
איך וועל דיך באַזינגען צווישן די אומות.
11 וואָרום גרויס ביז די הימלען איז דיין חסד,

א ווארטשפּיל: לחם ילחצני. ב ווארטשפּיל: נד-נאד. ג זע שמואל א׳ כב, 1. ד אין טעקסט: כבודי, מיין כבוד.

אוּן בּיז די וואָלקן דיין טריישאַפט.
[12] דערהייבּ דיך איבּער די הימלען, גאָט,
איבּער דער גאַנצער ערד זאַל זיין דיין כּבוד.

# נח

[1] פאַר דעם געזאַנגמייסטער; אַל־תַּשְׁחֵת; פוּן דודן
אַ מִכְתָּם.
[2] רעדט איר אין דער אמת ווי אַ גערעכטע מאַכט?
משפּט איר מיט יוֹשר די מענטשנקינדער?
[3] יאָ, אין האַרצן אַרבּעט איר אויס פאַרבּרעכן,
אויף דער ערד פירט איר דורך דאָס אוּמרעכט פוּן
אַייערע הענט.
[4] די רשעים זיינען אָפּגעקערט פוּן טראַכט אָן,
פוּן מוטערלייבּ אָן בּלאָנדזשען די ליגנזאָגערס.
[5] אַ גיפט איז בּיי זיי גלייך ווי גיפט פוּן אַ שלאַנג;
ווי דער טויבּער נאָטער וואָס פאַרשטאָפּט זיין אויער,
[6] וואָס הערט ניט צוּ דעם קָול פוּן בּאַשווערער,
פוּן דעם קליגסטן שפּרעכער פוּן שפּרוּכן.

[7] גאָט, צעבּרעך זייערע ציין אין זייער מויל,
די בּאַקציין פוּן די יוּנגלייבּן האַק אויס, יהוה.
[8] זאָלן זיי צעגיין ווי וואַסער וואָס צעלויפט זיך;
שפּאַנט ער זיינע פיילן, זאָלן זיי ווי אָפּגעשניטן ווערן.
[9] ווי אַ צעקראָכענע שנעק זאָל ער פאַרגיין,
ווי אַ מַפּיל, ווי אַ קראָט, וואָס האָבּן די זוּן ניט געזען.
[10] אַיידער אַייערע טעפּ ווערן דערשפּירן די דערנער,
זאָל ער עס אַוועקשטוּרעמען, דאָס רויע ווי דאָס
צוּגעבּרענטע.

[11] דער צדיק וועט זיך פרייען, אַז ער זעט נקמה,
זיינע טריט וועט ער וואַשן אין בּלוּט פוּן דעם רשע.
[12] אוּן מענטשן וועלן זאָגן: יאָ, עס איז דאָ אַ פרוּכט פאַרן
צדיק;
יאָ, פאַראַן אַ גאָט וואָס משפּט אויף דער ערד.

יב חַסְדֶּךָ וְעַד־שְׁחָקִים אֲמִתֶּךָ׃ רוּמָה עַל־שָׁמַיִם אֱלֹהִים עַל
כָּל־הָאָרֶץ כְּבוֹדֶךָ׃

נח

א לַמְנַצֵּחַ אַל־תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם׃ הַאֻמְנָם אֵלֶם צֶדֶק
ב
ג תְּדַבֵּרוּן מֵישָׁרִים תִּשְׁפְּטוּ בְּנֵי אָדָם׃ אַף־בְּלֵב עוֹלֹת
ד תִּפְעָלוּן בָּאָרֶץ חֲמַס יְדֵיכֶם תְּפַלֵּסוּן׃ זֹרוּ רְשָׁעִים מֵרָחֶם
ה תָּעוּ מִבֶּטֶן דֹּבְרֵי כָזָב׃ חֲמַת־לָמוֹ כִּדְמוּת חֲמַת־נָחָשׁ כְּמוֹ
ו פֶתֶן חֵרֵשׁ יַאְטֵם אָזְנוֹ׃ אֲשֶׁר לֹא־יִשְׁמַע לְקוֹל מְלַחֲשִׁים
ז חוֹבֵר חֲבָרִים מְחֻכָּם׃ אֱלֹהִים הֲרָס־שִׁנֵּימוֹ בְּפִימוֹ מַלְתְּעוֹת
ח כְּפִירִים נְתֹץ ׀ יְהוָה׃ יִמָּאֲסוּ כְמוֹ־מַיִם יִתְהַלְּכוּ־לָמוֹ
ט יִדְרֹךְ חִצָּו כְּמוֹ יִתְמֹלָלוּ׃ כְּמוֹ שַׁבְּלוּל תֶּמֶס יַהֲלֹךְ נֵפֶל
י אֵשֶׁת בַּל־חָזוּ שָׁמֶשׁ׃ בְּטֶרֶם יָבִינוּ סִּירֹתֵיכֶם אָטָד כְּמוֹ
יא חַי כְּמוֹ־חָרוֹן יִשְׂעָרֶנּוּ׃ יִשְׂמַח צַדִּיק כִּי־חָזָה נָקָם פְּעָמָיו
יב יִרְחַץ בְּדַם הָרָשָׁע׃ וְיֹאמַר אָדָם אַךְ־פְּרִי לַצַּדִּיק אַךְ יֵשׁ
אֱלֹהִים שֹׁפְטִים בָּאָרֶץ׃

נט

א לַמְנַצֵּחַ אַל־תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ
ב אֶת־הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ׃ הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי ׀ אֱלֹהָי מִמִּתְקוֹמְמַי
ג תְּשַׂגְּבֵנִי׃ הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי׃
ד כִּי הִנֵּה אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים לֹא־פִשְׁעִי וְלֹא־
ה חַטָּאתִי יְהוָה׃ בְּלִי־עָוֺן יְרוּצוּן וְיִכּוֹנָנוּ עוּרָה לִקְרָאתִי וּרְאֵה׃
ו וְאַתָּה יְהוָה־אֱלֹהִים ׀ צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הָקִיצָה לִפְקֹד
ז כָּל־הַגּוֹיִם אַל־תָּחֹן כָּל־בֹּגְדֵי אָוֶן סֶלָה׃ יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב
ח יֶהֱמוּ כַכָּלֶב וִיסוֹבְבוּ עִיר׃ הִנֵּה ׀ יַבִּיעוּן בְּפִיהֶם חֲרָבוֹת
ט בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם כִּי־מִי שֹׁמֵעַ׃ וְאַתָּה יְהוָה תִּשְׂחַק־לָמוֹ
י תִּלְעַג לְכָל־גּוֹיִם׃ עֻזּוֹ אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה כִּי־אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי׃
יא
יב אֱלֹהֵי חסדו יְקַדְּמֵנִי אֱלֹהִים יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי׃ אַל־תַּהַרְגֵם ׀

נ ח, ח׳ חצוֹ קרי נ ט, ז׳ קמץ ברביע יא׳ חסדי קרי

# נט

[1] פאַר דעם געזאַנגמייסטער; אַל־תַּשְׁחֵת; פוּן דודן אַ מִכְתָּם, ווען שָאוּל האָט געשיקט, אוּן מע האָט געהיט דאָס הויז,
כּדי אים צוּ טייטן[א].
[2] זיי מיך מציל פוּן מיינע פיינט, מיין גאָט,
פוּן די וואָס שטייען אָן אויף מיר זאָלסטוּ מיך בּאַשיצן.
[3] זיי מיך מציל פוּן די וואָס טוּען אוּמרעכט,
אוּן פוּן בּלוּטיקע לייט טוּ מיך העלפן.
[4] וואָרוּם זע, זיי האָבּן געלויערט אויף מיין זעל;
עס קלייבּן זיך די פאַרשייטע אויף מיר:
ניט פאַר מיין פאַרבּרעך אוּן ניט פאַר מיין חטא, גאָט.
[5] אָן אַ זינד פוּן מיר, לויפן זיי אוּן בּרייטן זיך אָן;
דערוועק זיך מיר אַנטקעגן, אוּן זע.
[6] דוּ בּיסט דאָך יהוה, דער גאָט פוּן צבָאוֹת,
דער גאָט פוּן ישׂראל,
וואַך אויף זיך צוּ רעכענען מיט אַלע פעלקער;
ניט לייטזעליקן זאָלסטוּ אַלע אוּמגערעכטע פעלשער.
סֶלָה.
[7] אַלע אָוונט קוּמען זיי ווידער,
זיי וואָיען ווי אַ הוּנט,
אוּן דרייען זיך אוּם אין שטאָט.
[8] זע, זיי גאַווערן מיט זייער מויל;
שווערדן זיינען אין זייערע ליפּן;
וואָרוּם: „ווער הערט דען?"
[9] אָבּער דוּ גאָט טוּסט לאַכן פוּן זיי,
טוּסט שפּאָטן פוּן אַלע פעלקער.
[10] קעגן זיין שטאַרקייט האַר איך אויף דיר;
וואָרוּם גאָט איז מיין פעסטוּנג.
[11] דער גאָט פוּן מיין גענאָד וועט מיר אַנטקעגן קוּמען,
גאָט וועט מיך לאָזן זען אויף מיינע לויערער.
[12] ניט הרגען זאָלסטוּ זיי, כּדי מיין פאָלק זאָל ניט
פאַרגעסן;

[א] זע שמואל א׳ יט, 11—17.

פֶּן־יִשְׁכְּחוּ עַמִּי הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי׃
יג חַטַּאת־פִּימוֹ דְּבַר־שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ
יד יְסַפֵּרוּ׃ כַּלֵּה בְחֵמָה כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ כִּי־אֱלֹהִים מֹשֵׁל
טו בְּיַעֲקֹב לְאַפְסֵי הָאָרֶץ סֶלָה׃ וְיָשֻׁבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב
טז וִיסוֹבְבוּ עִיר׃ הֵמָּה יְנוּעוּן לֶאֱכֹל אִם־לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ׃
יז וַאֲנִי ׀ אָשִׁיר עֻזֶּךָ וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ כִּי־הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי
יח וּמָנוֹס בְּיוֹם צַר־לִי׃ עֻזִּי אֵלֶיךָ אֲזַמֵּרָה כִּי־אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי
אֱלֹהֵי חַסְדִּי׃

ס

א ב לַמְנַצֵּחַ עַל־שׁוּשַׁן עֵדוּת מִכְתָּם לְדָוִד לְלַמֵּד׃ בְּהַצּוֹתוֹ ׀
אֶת אֲרַם נַהֲרַיִם וְאֶת־אֲרַם צוֹבָה וַיָּשָׁב יוֹאָב וַיַּךְ אֶת־
ג אֱדוֹם בְּגֵיא־מֶלַח שְׁנֵים עָשָׂר אָלֶף׃ אֱלֹהִים זְנַחְתָּנוּ פְרַצְתָּנוּ
ד אָנַפְתָּ תְּשׁוֹבֵב לָנוּ׃ הִרְעַשְׁתָּה אֶרֶץ פְּצַמְתָּהּ רְפָה שְׁבָרֶיהָ
ה כִי־מָטָה׃ הִרְאִיתָ עַמְּךָ קָשָׁה הִשְׁקִיתָנוּ יַיִן תַּרְעֵלָה׃
ו ז נָתַתָּה לִּירֵאֶיךָ נֵּס לְהִתְנוֹסֵס מִפְּנֵי קֹשֶׁט סֶלָה׃ לְמַעַן
ח יֵחָלְצוּן יְדִידֶיךָ הוֹשִׁיעָה יְמִינְךָ וַעֲנֵנוּ׃ אֱלֹהִים ׀ דִּבֶּר
ט בְּקָדְשׁוֹ אֶעְלֹזָה אֲחַלְּקָה שְׁכֶם וְעֵמֶק סֻכּוֹת אֲמַדֵּד׃ לִי
גִלְעָד ׀ וְלִי מְנַשֶּׁה וְאֶפְרַיִם מָעוֹז רֹאשִׁי יְהוּדָה מְחֹקְקִי׃
י מוֹאָב ׀ סִיר רַחְצִי עַל־אֱדוֹם אַשְׁלִיךְ נַעֲלִי עָלַי פְּלֶשֶׁת
יא יב הִתְרוֹעָעִי׃ מִי יֹבִלֵנִי עִיר מָצוֹר מִי נָחַנִי עַד־אֱדוֹם׃ הֲלֹא־
אַתָּה אֱלֹהִים זְנַחְתָּנוּ וְלֹא־תֵצֵא אֱלֹהִים בְּצִבְאוֹתֵינוּ׃
יג יד הָבָה־לָּנוּ עֶזְרָת מִצָּר וְשָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם׃ בֵּאלֹהִים
נַעֲשֶׂה־חָיִל וְהוּא יָבוּס צָרֵינוּ׃

סא

א ב לַמְנַצֵּחַ עַל־נְגִינַת לְדָוִד׃ שִׁמְעָה אֱלֹהִים רִנָּתִי הַקְשִׁיבָה
ג תְּפִלָּתִי׃ מִקְצֵה הָאָרֶץ ׀ אֵלֶיךָ אֶקְרָא בַּעֲטֹף לִבִּי בְּצוּר־
ד יָרוּם מִמֶּנִּי תַנְחֵנִי׃ כִּי־הָיִיתָ מַחְסֶה לִּי מִגְדַּל־עֹז מִפְּנֵי

---

נ״ט, טז׳ קמץ סרביע   טא׳ ינועון קרי   ס, ב׳ פטל בלי מקף   ז׳ ועננו קרי

צעטרייסל זיי מיט דיין מאַכט, און וואַרף זיי אַנידער.
גאָט אונדזער שילד.
13 פאַר דער זינד פון זייער מויל, דעם גערייד פון זייערע ליפּן,
זאָלן זיי באַצוווּנגען ווערן אין זייער גאווה,
און פאַר די קללות און פאַר די ליגנס וואָס זיי רעדן.
14 פאַרלענד אין גרימצאָרן, פאַרלענד אַז זיי זאָלן מער ניט זיין,
און זאָל מען וויסן אַז גאָט געוועלטיקט אין יעקב,
ביז די עקן פון דער ערד. סֶלָה.

15 יאָ, אַלע אָוונט קומען זיי ווידער,
זיי וואָיען ווי אַ הונט,
און דרייען זיך אום אין שטאָט.
16 זיי וואַנדערן אַרום צו פאַרצערן,
און בלייבן אַ גאַנצע נאַכט ביז זיי ווערן ניט זאַט.
17 אָבער איך וועל באַזינגען דיין שטאַרקייט,
און וועל שאַלן פרימאָרגנס דיין חסד.
וואָרום דו ביסט מיר געווען אַ פעסטונג,
און אַן אַנטרינונג אין טאָג פון מיין נויט.
18 מיין שטאַרקייט, צו דיר וועל איך זינגען,
וואָרום גאָט איז מיין פעסטונג, דער גאָט פון מיין גענאַד.

ס 1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; אויף שושַן־עֵדות; אַ מִכתָּם פון דודן פאַר אַ לערנונג, 2 ווען ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט אֲרַם־נַהֲרַיִם און אֲרַם־צוֹבָה, און יוֹאָב האָט זיך אומגעקערט, און האָט געשלאָגן פון אֱדוֹם אין טאָל פון זאַלץ צוועלף טויזנט[א].
3 גאָט, האָסט אונדז פאַרלאָזט, האָסט אונדז צעבראָכן;
האָסט געצערנט אויף אונדז, זאָלסטו אונדז ווידער אויפריכטן.
4 האָסט אויפגעשטורעמט די ערד, האָסט זי צעשפּאָלטן;
הייל אירע בראָכן, וואָרום זי וואַקלט זיך.
5 האָסט געמאַכט זען דיין פאָלק שווערע ליידן,
האָסט אונדז אָנגעטרונקען מיט וויין פון פאַרטומלעניש.
6 גיב דיינע פאַרכטער אַ פאָן,
ויך אַיינצוזאַמלען פאַרן אמת. סֶלָה.
7 כדי דיינע באַליבטע זאָלן דערלייזט ווערן,
העלף מיט דיין רעכטער האַנט, און ענטפער מיר.

8 גאָט האָט גערעדט אין זיין הייליקייט,
אַז איך וועל דערפרייט ווערן;
איך וועל צעטיילן שכם,
און דעם טאָל סוכּות וועל איך אויסמעסטן.
9 מיין איז גלעָד, און מיין איז מנשה,
און אפרים איז דער קיווער פון מיין קאָפּ;
יהודה איז מיין צעפּטער.
10 מוֹאָב איז מיין וואַשטאָפּ;
אויף אֱדוֹם וואַרף איך מיין שוך;
איבער מיר, פּלֶשֶׁת, וועסטו שרייען.

11 ווער ברענגט מיך צו דער באַפעסטיקטער שטאָט?
ווער טוט מיך פירן קיין אֱדוֹם?
12 פאַרוואָר, דו גאָט האָסט אונדז פאַרלאָזט,
און גייסט ניט אַרויס, גאָט, מיט אונדזערע מחנות.
13 גיב אונדז הילף קעגן דעם פיינט,
וואָרום נישטיק איז די ישועה פון אַ מענטשן.
14 מיט גאָט וועלן מיר אויפטאָן גבורות,
און ער וועט צעטרעטן אונדזערע פיינט.

סא 1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער, אויף סטרונעשפּיל; פון דודן.
2 הער צו, גאָט, מיין געשריי,
פאַרנעם מיין תּפילה.
3 פון עק פון דער ערד רוף איך צו דיר,
ווען מיין האַרץ פאַרגייט;
אויף דעם פעלז וואָס איז צו הויך פאַר מיר,
וואָלסטו מיך אַרויפפירן.
4 וואָרום דו ביסט מיר געווען אַ באַשיצונג,
אַ טורעם פון שטאַרקייט אַקעגן דעם פיינט.

[א] זע שמואל ב׳, ח.

5 איך וועל אייביק וווינען אין דיין געצעלט,
איך וועל מיך שיצן אין דער פאַרבאָרגעניש פון דיינע פליגלען. סֶלָה.
6 וואָרום דו, גאָט, האָסט צוגעהערט צו מיינע נדרים;
האָסט געגעבן די אַרב פון די וואָס פאָרכטן דיין נאָמען[א].
7 טעג צו די טעג פון דעם מלך זאָלסטו צולייגן,
זיינע יאָרן זאָלן זיין ווי אַ דור אויף אַ דור.
8 טראָנען זאָל ער אייביק פאַר גאָט;
גענאָד און טריישאַפט באַשער, זיי זאָלן אים היטן.
9 אַזוי וועל איך באַזינגען דיין נאָמען אויף אייביק,
ווען איך באַצאָל מיינע נדרים טאָגטעגלעך.

## סב

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער, פאַר ידותון; אַ מִזמור פון דודן.
2 נאָר צו גאָט טוט האַרן מיין זעל,
פון אים איז מיין הילף.
3 נאָר ער איז מיין פעלז און מיין הילף,
מיין פעסטונג, איך זאָל זיך ניט אויסגליטשן שטאַרק.
4 ביז וואַנען וועט איר אָנפאַלן אויף אַ מענטשן?
איר אַלע טוט הרגען
ווי אַ וואַנט אַן איינגעבויגענע,
ווי אַ מויער אַן אומגעפאַלענע.
5 רק זיי עצהן זיך פון זיין הויכקייט אים אַראָפּצושטויסן;
זיי האָבן הנאה פון ליגן;
מיט זייער מויל בענטשן זיי,
און אין זיך שילטן זיי. סֶלָה.
6 נאָר צו גאָט, טו האַרן, מיין זעל,
וואָרום פון אים איז מיין האָפונג.
7 נאָר ער איז מיין פעלז און מיין הילף,
מיין פעסטונג, איך זאָל זיך ניט אויסגליטשן.
8 ביי גאָט איז מיין הילף און מיין כבוד;
דער פעלז פון מיין שטאַרקייט, מיין באַשיצונג איז אין גאָט.
9 פאַרזיכערט אייך אויף אים אין יעטוועדער צייט, איר פאָלק,
גיסט אויס פאַר אים אייער האַרץ;
גאָט איז אונדז אַ באַשיצונג. סֶלָה.
10 בלויז אַ הויך זיינען די מענטשנקינדער,
אַן אָפּנאַר די אָנגעזעענע לייט;
ווען מע זאָל אויף אַ וואָגשאָל אַרויפלייגן,
זיינען זיי אין איינעם אַ הויך.
11 איר זאָלט אייך ניט פאַרזיכערן אויף רויב,
און ניט נאַרן אויף גזלה זאָלט איר אייך.
אַז דער פאַרמעג וואַקסט,
זאָלט איר ניט לייגן קיין אַכט.
12 איין מאָל האָט גאָט גערעדט,
צוויי מאָל האָב איך דאָס געהערט,
אַז שטאַרקייט איז ביי גאָט.
13 און ביי דיר, גאָט, איז גענאָד,
וואָרום דו באַצאָלסט איטלעכן לויט זיינע מעשׂים.

## סג

1 אַ מִזמור פון דודן, ווען ער איז געווען אין דער מדבר פון יהודה[ב].
2 גאָט, דו ביסט מיין גאָט,
דיך טו איך זוכן;
נאָך דיר דאָרשט מיין זעל,
צו דיר גלוסט מיין לייב,
אין אַ לאַנד פון טריקעניש,
און אַ פאַרשמאַכטער אָן וואַסער.
3 אַזוי האָב איך אויסגעקוקט אויף דיר,
אין הייליקטום צו זען דיין שטאַרקייט און דיין כבוד.
4 וואָרום דיין חסד איז בעסער פון לעבן;
מיינע ליפּן וועלן דיך לויבן.
5 אַזוי וועל איך דיך בענטשן דורך מיין לעבן;
אין דיין נאָמען וועל איך אויפהייבן מיינע הענט.
6 ווי מיט פעטס און מאַרך איז זאַט מיין זעל,
און מיט זינגעדיקע ליפּן טוט לויבן מיין מויל,
7 אַז איך דערמאָן דיך אויף מיין געלעגער,
אַז איך טראַכט אָן דיר אין די וואַכן פון דער נאַכט.
8 וואָרום ביסט מיר אַ הילף געווען,
און אין שאָטן פון דיינע פליגלען טו איך זינגען.
9 מיין זעל איז באַהעפט נאָך דיר;

ה אוֹיֵב: אָגוּרָה בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים אֶחֱסֶה בְסֵתֶר כְּנָפֶיךָ
ו סֶּלָה: כִּי־אַתָּה אֱלֹהִים שָׁמַעְתָּ לִנְדָרָי נָתַתָּ יְרֻשַּׁת יִרְאֵי
ז שְׁמֶךָ: יָמִים עַל־יְמֵי־מֶלֶךְ תּוֹסִיף שְׁנוֹתָיו כְּמוֹ דֹר וָדֹר:
ח ט יֵשֵׁב עוֹלָם לִפְנֵי אֱלֹהִים חֶסֶד וֶאֱמֶת מַן יִנְצְרֻהוּ: כֵּן ׀
אֲזַמְּרָה שִׁמְךָ לָעַד לְשַׁלְּמִי נְדָרַי יוֹם ׀ יוֹם:

## סב

א ב לַמְנַצֵּחַ עַל־יְדוּתוּן מִזְמוֹר לְדָוִד: אַךְ אֶל־אֱלֹהִים דּוּמִיָּה
ג נַפְשִׁי מִמֶּנּוּ יְשׁוּעָתִי: אַךְ הוּא צוּרִי וִישׁוּעָתִי מִשְׂגַּבִּי לֹא־
ד אֶמּוֹט רַבָּה: עַד־אָנָה ׀ תְּהוֹתְתוּ עַל־אִישׁ תְּרָצְּחוּ כֻלְּכֶם
ה כְּקִיר נָטוּי גָּדֵר הַדְּחוּיָה: אַךְ מִשְּׂאֵתוֹ ׀ יָעֲצוּ לְהַדִּיחַ
ו יִרְצוּ כָזָב בְּפִיו יְבָרֵכוּ וּבְקִרְבָּם יְקַלְלוּ־סֶלָה: אַךְ לֵאלֹהִים
ז דּוֹמִּי נַפְשִׁי כִּי־מִמֶּנּוּ תִּקְוָתִי: אַךְ הוּא צוּרִי וִישׁוּעָתִי
ח מִשְׂגַּבִּי לֹא אֶמּוֹט: עַל־אֱלֹהִים יִשְׁעִי וּכְבוֹדִי צוּר־עֻזִּי
ט מַחְסִי בֵּאלֹהִים: בִּטְחוּ בוֹ בְכָל־עֵת ׀ עָם שִׁפְכוּ־לְפָנָיו
י לְבַבְכֶם אֱלֹהִים מַחֲסֶה־לָּנוּ סֶלָה: אַךְ הֶבֶל בְּנֵי־אָדָם
יא כָּזָב בְּנֵי אִישׁ בְּמֹאזְנַיִם לַעֲלוֹת הֵמָּה מֵהֶבֶל יָחַד: אַל־
תִּבְטְחוּ בְעֹשֶׁק וּבְגָזֵל אַל־תֶּהְבָּלוּ חַיִל ׀ כִּי־יָנוּב אַל־תָּשִׁיתוּ
יב לֵב: אַחַת ׀ דִּבֶּר אֱלֹהִים שְׁתַּיִם־זוּ שָׁמָעְתִּי כִּי־עֹז לֵאלֹהִים:
יג וּלְךָ־אֲדֹנָי חָסֶד כִּי־אַתָּה תְשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ:

## סג

א ב מִזְמוֹר לְדָוִד בִּהְיוֹתוֹ בְּמִדְבַּר יְהוּדָה: אֱלֹהִים ׀ אֵלִי אַתָּה
אֲשַׁחֲרֶךָּ צָמְאָה לְךָ ׀ נַפְשִׁי כָּמַהּ לְךָ בְשָׂרִי בְּאֶרֶץ־צִיָּה
ג וְעָיֵף בְּלִי־מָיִם: כֵּן בַּקֹּדֶשׁ חֲזִיתִךָ לִרְאוֹת עֻזְּךָ וּכְבוֹדֶךָ:
ד ה כִּי־טוֹב חַסְדְּךָ מֵחַיִּים שְׂפָתַי יְשַׁבְּחוּנְךָ: כֵּן אֲבָרֶכְךָ
ו בְחַיָּי בְּשִׁמְךָ אֶשָּׂא כַפָּי: כְּמוֹ חֵלֶב וָדֶשֶׁן תִּשְׂבַּע נַפְשִׁי
ז וְשִׂפְתֵי רְנָנוֹת יְהַלֶּל־פִּי: אִם־זְכַרְתִּיךָ עַל־יְצוּעָי בְּאַשְׁמֻרוֹת
ח ט אֶהְגֶּה־בָּךְ: כִּי־הָיִיתָ עֶזְרָתָה לִּי וּבְצֵל כְּנָפֶיךָ אֲרַנֵּן: דָּבְקָה

סג, ב׳ מלעיל

[א] וואָרטשפּיל: יְרֻשַּׁת יִרְאֵי שְׁמֶךָ.
[ב] זע שמואל א׳ כב, 5.

נַפְשִׁי אַחֲרֶיךָ בִּי תָּמְכָה יְמִינֶךָ: וְהֵמָּה לְשׁוֹאָה יְבַקְשׁוּ י
נַפְשִׁי יָבֹאוּ בְּתַחְתִּיּוֹת הָאָרֶץ: יַגִּירֻהוּ עַל־יְדֵי־חָרֶב מְנָת יא
שֻׁעָלִים יִהְיוּ: וְהַמֶּלֶךְ יִשְׂמַח בֵּאלֹהִים יִתְהַלֵּל כָּל־ יב
הַנִּשְׁבָּע בּוֹ כִּי יִסָּכֵר פִּי דוֹבְרֵי־שָׁקֶר:

סד

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: שְׁמַע אֱלֹהִים קוֹלִי בְשִׂיחִי מִפַּחַד א ב
אוֹיֵב תִּצֹּר חַיָּי: תַּסְתִּירֵנִי מִסּוֹד מְרֵעִים מֵרִגְשַׁת פֹּעֲלֵי ג
אָוֶן: אֲשֶׁר שָׁנְנוּ כַחֶרֶב לְשׁוֹנָם דָּרְכוּ חִצָּם דָּבָר מָר: ד
לִירֹת בַּמִּסְתָּרִים תָּם פִּתְאֹם יֹרֻהוּ וְלֹא יִירָאוּ: יְחַזְּקוּ־ ה ו
לָמוֹ ׀ דָּבָר רָע יְסַפְּרוּ לִטְמוֹן מוֹקְשִׁים אָמְרוּ מִי יִרְאֶה־
לָּמוֹ: יַחְפְּשׂוּ עוֹלֹת תַּמְנוּ חֵפֶשׂ מְחֻפָּשׂ וְקֶרֶב אִישׁ וְלֵב ז
עָמֹק: וַיֹּרֵם אֱלֹהִים חֵץ פִּתְאוֹם הָיוּ מַכּוֹתָם: וַיַּכְשִׁילֻהוּ ח ט
עָלֵימוֹ לְשׁוֹנָם יִתְנֹדְדוּ כָּל־רֹאֵה בָם: וַיִּירְאוּ כָּל־אָדָם י
וַיַּגִּידוּ פֹּעַל אֱלֹהִים וּמַעֲשֵׂהוּ הִשְׂכִּילוּ: יִשְׂמַח צַדִּיק בַּיהוָה יא
וְחָסָה בוֹ וְיִתְהַלְלוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב:

סה

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד שִׁיר: לְךָ דֻמִיָּה תְהִלָּה אֱלֹהִים א ב
בְּצִיּוֹן וּלְךָ יְשֻׁלַּם־נֶדֶר: שֹׁמֵעַ תְּפִלָּה עָדֶיךָ כָּל־בָּשָׂר יָבֹאוּ: ג
דִּבְרֵי עֲוֹנֹת גָּבְרוּ מֶנִּי פְּשָׁעֵינוּ אַתָּה תְכַפְּרֵם: אַשְׁרֵי ׀ ד ה
תִּבְחַר וּתְקָרֵב יִשְׁכֹּן חֲצֵרֶיךָ נִשְׂבְּעָה בְּטוּב בֵּיתֶךָ קְדֹשׁ
הֵיכָלֶךָ: נוֹרָאוֹת ׀ בְּצֶדֶק תַּעֲנֵנוּ אֱלֹהֵי יִשְׁעֵנוּ מִבְטָח כָּל־ ו
קַצְוֵי־אֶרֶץ וְיָם רְחֹקִים: מֵכִין הָרִים בְּכֹחוֹ נֶאְזָר בִּגְבוּרָה: ז
מַשְׁבִּיחַ ׀ שְׁאוֹן יַמִּים שְׁאוֹן גַּלֵּיהֶם וַהֲמוֹן לְאֻמִּים: וַיִּירְאוּ ׀ ח ט
יֹשְׁבֵי קְצָוֹת מֵאוֹתֹתֶיךָ מוֹצָאֵי בֹקֶר וָעֶרֶב תַּרְנִין: פָּקַדְתָּ י
הָאָרֶץ ׀ וַתְּשֹׁקְקֶהָ רַבַּת תַּעְשְׁרֶנָּה פֶּלֶג אֱלֹהִים מָלֵא מָיִם
תָּכִין דְּגָנָם כִּי כֵן תְּכִינֶהָ: תְּלָמֶיהָ רַוֵּה נַחֵת גְּדוּדֶיהָ יא
בִּרְבִיבִים תְּמֹגְגֶנָּה צִמְחָהּ תְּבָרֵךְ: עִטַּרְתָּ שְׁנַת טוֹבָתֶךָ יב

---

סה,ו׳ כצל בקמץ

דיין רעכטע האַנט לענט מיך אונטער.
10 און די וואָס זוכן מיין זעל אויף אומצוברענגען,
וועלן אַריין אין די טיפענישן פון דער ערד.
11 מע וועט זיי שליידערן אין מאַכט פון דער שווערד;
דער חלק פון פיקס וועלן זיי זיין.
12 אָבער דער מלך וועט זיך פרייען מיט גאָט;
רימען וועט זיך איטלעכער וואָס שווערט ביי אים;
וואָרום פאַרשטאָפּט ווערן וועט דאָס מויל פון די ליגנ־
זאָגער.

## סד

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; אַ מִזמור פון דודן.
2 הער צו, גאָט, מיין קָול אין מיין קלאָג;
פון דער אַנגסט פון פיינט זאָלסטו באַהיטן מיין לעבן.
3 זאָלסט מיך פאַרבאָרגן פון דעם באַראָט פון די
שלעכטסטוער,
פון דעם טומל פון די וואָס ווערקן אומרעכט;
4 וואָס האָבן געשאַרפט ווי אַ שווערד זייער צונג,
געשפּאַנט זייער פייל—אַ גיפטיק וואָרט,
5 צו שיסן אין פאַרבאָרגענישן דעם אומשולדיקן;
פּלוצלינג שיסן זיי אים[א], און האָבן ניט מורא[א].
6 זיי שטאַרקן איינאַנדער אין דער בייזער זאַך;
זיי רעדן אָפּ אונטערצולייגן נעצן;
זיי זאָגן, ווער קען זיי זען.
7 זיי זוכן אויס פאַרברעכן,
זיי האָבן דורכגעמאַכט אַ גרונטיקע זוכעניש;
און די אינעווייניקייט פון איטלעכן און דאָס האַרץ
איז טיף.
8 אָבער גאָט שיסט אויף זיי פּלוצלינג אַ פייל;
עס געשעען זייערע שלעק.
9 און מע מאַכט זייער צונג אַ שטרויכלונג פאַר זיי אַליין;
אויפגעטרייסלט ווערן אַלע וואָס קוקן אויף זיי.
10 און אַלע מענטשן האָבן מורא,
און דערציילן דאָס ווערק פון גאָט,
און זיין טואונג פאַרשטייען זיי.
11 דער צדיק פרייט זיך מיט גאָט, און טוט זיך שיצן אין אים,
און עס רימען זיך אַלע רעכטפאַרטיקע הערצער.

## סה

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; אַ מִזמור; פון דודן אַ
געזאַנג.
2 אויף דיר, גאָט, האַרט לויב אין צִיון,
און צו דיר ווערן נדרים געצאָלט.
3 דו וואָס הערסט צו אַ תּפילה,
צו דיר קומען אַלע לייבער.
4 די זינדיקע מעשׂים זיינען צו שטאַרק פאַר מיר;
אונדזערע פאַרברעכן, זיי זאָלסט דו מכפּר זיין.
5 ווויל צו דעם וואָס דו ווײלסט און דערנענטסט,
ער זאָל רוען אין דיינע הויפן.
לאָמיר זיך זעטן מיט דעם גוטס פון דיין הויז,
מיט דער הייליקייט פון דיין טעמפּל.
6 מיט פאָרכטיקע וווּנדער ענטפערסטו אונדז אין
גערעכטיקייט,
דו גאָט פון אונדזער הילף,
דו פאַרזיכערונג פון אַלע עקן ערד,
און פון ימען ווייטע;
7 דער וואָס באַפעסטיקט די בערג מיט זיין כּוח,
דער וואָס איז באַגורט מיט גבורה;
8 דער וואָס שטילט איין די ברומונג פון די ימען,
די ברומונג פון זייערע אינדן, און דעם טומל פון די
פעלקער,
9 ביז די באַוווינער פון ווייטע עקן האָבן מורא פאַר דיינע
צייכנס;
די אַרויסגענג פון פרימאָרגן און אָוונט מאַכסטו זינגען.
10 דערמאָנסט זיך אָן דער ערד און באַוועסערסט זי,
מאַכסט זי שֶפעדיק רייך,
פון דעם טייך פון גאָט פול מיט וואַסער;
ברייטסט אָן זייער קאָרן, וואָרום ברייטסט זי צו ריכטיק;
11 טרינקסט אָן אירע בייטן, זעצסט אַראָפּ אירע גרודעס,
מאַכסט זי ווייך מיט שפּריירעגן,
בענטשסט איר שפּראָצונג.
12 האָסט געקריינט דאָס יאָר מיט דיין גוטס,

[א] וואָרטשפּיל: יֹרֻהוּ· יִירָאוּ.

יג וּמַעְגָּלֶיךָ יִרְעֲפוּן דָּשֶׁן׃ יִרְעֲפוּ נְאוֹת מִדְבָּר וְגִיל גְּבָעוֹת
יד תַּחְגֹּרְנָה׃ לָבְשׁוּ כָרִים ׀ הַצֹּאן וַעֲמָקִים יַעַטְפוּ־בָר
יִתְרוֹעֲעוּ אַף־יָשִׁירוּ׃

סו

א ב לַמְנַצֵּחַ שִׁיר מִזְמוֹר הָרִיעוּ לֵאלֹהִים כָּל־הָאָרֶץ׃ זַמְּרוּ
ג כְבוֹד־שְׁמוֹ שִׂימוּ כָבוֹד תְּהִלָּתוֹ׃ אִמְרוּ לֵאלֹהִים מַה־
ד נּוֹרָא מַעֲשֶׂיךָ בְּרֹב עֻזְּךָ יְכַחֲשׁוּ לְךָ אֹיְבֶיךָ׃ כָּל־הָאָרֶץ ׀
ה יִשְׁתַּחֲווּ לְךָ וִיזַמְּרוּ־לָךְ יְזַמְּרוּ שִׁמְךָ סֶלָה׃ לְכוּ וּרְאוּ
ו מִפְעֲלוֹת אֱלֹהִים נוֹרָא עֲלִילָה עַל־בְּנֵי אָדָם׃ הָפַךְ יָם ׀
ז לְיַבָּשָׁה בַּנָּהָר יַעַבְרוּ בְרָגֶל שָׁם נִשְׂמְחָה־בּוֹ׃ מֹשֵׁל
בִּגְבוּרָתוֹ ׀ עוֹלָם עֵינָיו בַּגּוֹיִם תִּצְפֶּינָה הַסּוֹרְרִים ׀ אַל־
ח יָרִימוּ לָמוֹ סֶלָה׃ בָּרְכוּ עַמִּים ׀ אֱלֹהֵינוּ וְהַשְׁמִיעוּ קוֹל
ט תְּהִלָּתוֹ׃ הַשָּׂם נַפְשֵׁנוּ בַּחַיִּים וְלֹא־נָתַן לַמּוֹט רַגְלֵנוּ׃
י יא כִּי־בְחַנְתָּנוּ אֱלֹהִים צְרַפְתָּנוּ כִּצְרָף־כָּסֶף׃ הֲבֵאתָנוּ
יב בַמְּצוּדָה שַׂמְתָּ מוּעָקָה בְמָתְנֵינוּ׃ הִרְכַּבְתָּ אֱנוֹשׁ לְרֹאשֵׁנוּ
יג בָּאנוּ־בָאֵשׁ וּבַמַּיִם וַתּוֹצִיאֵנוּ לָרְוָיָה׃ אָבוֹא בֵיתְךָ בְעוֹלוֹת
יד אֲשַׁלֵּם לְךָ נְדָרָי׃ אֲשֶׁר־פָּצוּ שְׂפָתָי וְדִבֶּר־פִּי בַּצַּר־לִי׃
טו עֹלוֹת מֵחִים אַעֲלֶה־לָּךְ עִם־קְטֹרֶת אֵילִים אֶעֱשֶׂה בָקָר
טז עִם־עַתּוּדִים סֶלָה׃ לְכוּ־שִׁמְעוּ וַאֲסַפְּרָה כָּל־יִרְאֵי אֱלֹהִים
יז אֲשֶׁר עָשָׂה לְנַפְשִׁי׃ אֵלָיו פִּי־קָרָאתִי וְרוֹמַם תַּחַת לְשׁוֹנִי׃
יח יט אָוֶן אִם־רָאִיתִי בְלִבִּי לֹא יִשְׁמַע ׀ אֲדֹנָי׃ אָכֵן שָׁמַע אֱלֹהִים
כ הִקְשִׁיב בְּקוֹל תְּפִלָּתִי׃ בָּרוּךְ אֱלֹהִים אֲשֶׁר לֹא־הֵסִיר
תְּפִלָּתִי וְחַסְדּוֹ מֵאִתִּי׃

סז

א ב לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינֹת מִזְמוֹר שִׁיר׃ אֱלֹהִים יְחָנֵּנוּ וִיבָרְכֵנוּ יָאֵר
ג פָּנָיו אִתָּנוּ סֶלָה׃ לָדַעַת בָּאָרֶץ דַּרְכֶּךָ בְּכָל־גּוֹיִם יְשׁוּעָתֶךָ׃
ד ה יוֹדוּךָ עַמִּים ׀ אֱלֹהִים יוֹדוּךָ עַמִּים כֻּלָּם׃ יִשְׂמְחוּ וִירַנְּנוּ

---

סו, ז׳ ירומו קרי

און דיינע שטעגן טריפן מיט פעטקייט.
13 עס טריפן די פיטערפלעצער פון מדבר,
און פרייד גורטן אָן די הייכן.
14 די לאָנקעס באַקליידן זיך מיט שאָף,
און די טאָלן וויקלען זיך אין תבואה;
זיי שאַלן און זיי זינגען.

## סו

1 פאַר דעם גזואַנגמייסטער; אַ געזאַנג, אַ מִזמור.
2 שאַלט צו גאָט, די גאַנצע ערד,
באַזינגט די פּראַכט פון זיין נאָמען,
מאַכט פּראַכטיק זיין לויב.
3 זאָגט צו גאָט: ווי פאָרכטיק איז דיין ווערק!
דורך דיין גרויס שטאַרקייט גייען אַיין פאַר דיר דיינע
פיינט.
4 די גאַנצע ערד זאָל זיך בוקן צו דיר און זינגען צו דיר;
זיי זאָלן באַזינגען דיין נאָמען. סֶלָה.

5 קומט און זעט די מעשים פון גאָט;
ער איז פאָרכטיק אין טואונג פאַר די מענטשנקינדער.
6 ער האָט פאַרקערט דעם ים אין יבשה,
צו פוס זיינען זיי אַריבער דעם טייך;
דענסמאָל האָבן מיר זיך געפרייט מיט אים.
7 ער געוועלטיקט מיט זיין גבורה אייביק,
זיינע אויגן קוקן אויף די פעלקער;
זאָלן די אָפּקערער זיך ניט דערהייבן. סֶלָה.

8 לויבט, איר פעלקער, אונדזער גאָט,
און לאָזט הערן דעם קָול פון זיין לויב;
9 דער וואָס דערהאַלט אונדזער זעל ביים לעבן,
און האָט ניט געלאָזט זיך אויסגליטשן אונדזער פוס.
10 וואָרום האָסט אונדז געפּרוווט, גאָט;
האָסט אונדז געלייטערט ווי מע לייטערט זילבער.
11 האָסט אונדז געבראַכט אין אַ פעסטונג,
האָסט אַרויפגעטאָן אַ קלעם אויף אונדזערע לענדן;
12 האָסט געלאָזט רייטן אַ מענטשן אויף אונדזער קאָפּ,
מיר זיינען געקומען אין פייער און אין וואַסער,
אָבער דו האָסט אונדז אַרויסגעצויגן אין זעטיקייט.

13 איך וועל קומען אין דיין הויז מיט בראַנדאָפּפער,
איך וועל דיר באַצאָלן מיינע נדרים,
14 וואָס מיינע ליפּן האָבן אַרויסגעלאָזט,
און מיין מויל האָט צוגעזאָגט אין מיין נויט.
15 פעטע בראַנדאָפּפער וועל איך דיר אויפבּרענגען,
מיט דעמפונג פון ווידערס;
איך וועל מאַכן רינדער מיט בעק. סֶלָה.

16 קומט הערט, אַלע פאָרכטער פון גאָט,
און איך וועל דערציילן וואָס ער האָט געטאָן צו מיין
זעל.
17 איך האָב גערופן צו אים מיט מיין מויל,
און ער איז געוועזן דערהויבן אויף מיין צונג.
18 אַז איך וואָלט אויסגעוויילט אומרעכט אין מיין האַרצן,
וואָלט ניט צוגעהערט גאָט.
19 אָבער גאָט האָט צוגעהערט,
ער האָט פאַרנומען דעם קָול פון מיין תפילה.
20 געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט ניט אָפּגעטאָן מיין תפילה,
און זיין חסד פון מיר.

## סז

1 פאַר דעם גזואַנגמייסטער, מיט סטרונעשפּיל; אַ
מִזמור, אַ געזאַנג.
2 גאָט זאָל אונדז לייטועליקן און אונדז בענטשן,
ער זאָל דערלייכטן זיין פּנים אויף אונדז, סֶלָה;
3 כדי מע זאָל וויסן אויף דער ערד דיין וועג,
צווישן אַלע פעלקער דיין ישועה.

4 לויבן וועלן דיך די פעלקער, גאָט,
לויבן וועלן דיך די פעלקער אַלע.
5 זיך פרייען און זינגען וועלן די אומות,

לְאֻמִּים כִּֽי־תִשְׁפֹּט עַמִּים מִישֹׁר וּלְאֻמִּים ׀ בָּאָרֶץ תַּנְחֵם
סֶלָה׃ יוֹדוּךָ עַמִּים ׀ אֱלֹהִים יוֹדוּךָ עַמִּים כֻּלָּם׃ אֶרֶץ ו ז
נָתְנָה יְבוּלָהּ יְבָרְכֵנוּ אֱלֹהִים אֱלֹהֵינוּ׃ יְבָרְכֵנוּ אֱלֹהִים ח
וְיִירְאוּ אוֹתוֹ כָּל־אַפְסֵי־אָרֶץ׃

סח

לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד מִזְמוֹר שִׁיר׃ יָקוּם אֱלֹהִים יָפוּצוּ אוֹיְבָיו א ב
וְיָנוּסוּ מְשַׂנְאָיו מִפָּנָיו׃ כְּהִנְדֹּף עָשָׁן תִּנְדֹּף כְּהִמֵּס דּוֹנַג ג
מִפְּנֵי־אֵשׁ יֹאבְדוּ רְשָׁעִים מִפְּנֵי אֱלֹהִים׃ וְצַדִּיקִים יִשְׂמְחוּ ד
יַעַלְצוּ לִפְנֵי אֱלֹהִים וְיָשִׂישׂוּ בְשִׂמְחָה׃ שִׁירוּ ׀ לֵאלֹהִים ה
זַמְּרוּ שְׁמוֹ סֹלּוּ לָרֹכֵב בָּעֲרָבוֹת בְּיָהּ שְׁמוֹ וְעִלְזוּ לְפָנָיו׃
אֲבִי יְתוֹמִים וְדַיַּן אַלְמָנוֹת אֱלֹהִים בִּמְעוֹן קָדְשׁוֹ׃ אֱלֹהִים ׀ ו ז
מוֹשִׁיב יְחִידִים ׀ בַּיְתָה מוֹצִיא אֲסִירִים בַּכּוֹשָׁרוֹת אַךְ־
סוֹרְרִים שָׁכְנוּ צְחִיחָה׃ אֱלֹהִים בְּצֵאתְךָ לִפְנֵי עַמֶּךָ ח
בְּצַעְדְּךָ בִישִׁימוֹן סֶלָה׃ אֶרֶץ רָעָשָׁה ׀ אַף־שָׁמַיִם נָטְפוּ ט
מִפְּנֵי אֱלֹהִים זֶה סִינַי מִפְּנֵי אֱלֹהִים אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ גֶּשֶׁם י
נְדָבוֹת תָּנִיף אֱלֹהִים נַחֲלָתְךָ וְנִלְאָה אַתָּה כוֹנַנְתָּהּ׃ חַיָּתְךָ יא
יָשְׁבוּ־בָהּ תָּכִין בְּטוֹבָתְךָ לֶעָנִי אֱלֹהִים׃ אֲדֹנָי יִתֶּן־אֹמֶר יב
הַמְבַשְּׂרוֹת צָבָא רָב׃ מַלְכֵי צְבָאוֹת יִדֹּדוּן יִדֹּדוּן וּנְוַת־ יג
בַּיִת תְּחַלֵּק שָׁלָל׃ אִם־תִּשְׁכְּבוּן בֵּין שְׁפַתָּיִם כַּנְפֵי יוֹנָה יד
נֶחְפָּה בַכֶּסֶף וְאֶבְרוֹתֶיהָ בִּירַקְרַק חָרוּץ׃ בְּפָרֵשׂ שַׁדַּי טו
מְלָכִים בָּהּ תַּשְׁלֵג בְּצַלְמוֹן׃ הַר־אֱלֹהִים הַר־בָּשָׁן הַר־ טז
גַּבְנֻנִּים הַר־בָּשָׁן׃ לָמָּה ׀ תְּרַצְּדוּן הָרִים גַּבְנֻנִּים הָהָר חָמַד יז
אֱלֹהִים לְשִׁבְתּוֹ אַף־יְהוָה יִשְׁכֹּן לָנֶצַח׃ רֶכֶב אֱלֹהִים יח
רִבֹּתַיִם אַלְפֵי שִׁנְאָן אֲדֹנָי בָם סִינַי בַּקֹּדֶשׁ׃ עָלִיתָ לַמָּרוֹם ׀ יט
שָׁבִיתָ שֶּׁבִי לָקַחְתָּ מַתָּנוֹת בָּאָדָם וְאַף סוֹרְרִים לִשְׁכֹּן ׀
יָהּ אֱלֹהִים׃ בָּרוּךְ אֲדֹנָי יוֹם ׀ יוֹם יַעֲמָס־לָנוּ הָאֵל יְשׁוּעָתֵנוּ כ
סֶלָה׃ הָאֵל ׀ לָנוּ אֵל לְמוֹשָׁעוֹת וְלֵיהוִה אֲדֹנָי לַמָּוֶת כא

ס ח, יח׳ רפה אחר מפיק

וואָרום דו משפּטסט די פעלקער מיט יושר,
און די אומות, זיי פירסטו אויף דער ערד. סֶלָה.

6 לויבן וועלן דיך די פעלקער, גאָט,
לויבן וועלן דיך די פעלקער אַלע.
7 די ערד גיט איר פּרוכט,
בענטשן וועט אונדז גאָט אונדזער גאָט,
8 בענטשן וועט אונדז גאָט
און אים וועלן פאָרכטן אַלע עקן פון דער ערד.

סח

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; פון דודן אַ מִזמור, אַ געזאַנג.
2 גאָט וועט אויפשטיין, וועלן צעשפּרייט ווערן זיינע פיינט,
און זיינע שׂונאים וועלן אַנטלויפן פאַר אים.
3 ווי רויך ווערט צעטריבן, וועסטו זיי צעטרייבן;
ווי וואַקס צעגייט פאַר פייער,
וועלן אונטערגיין די רשעים פאַר גאָט.
4 און די צדיקים וועלן זיך פרייען;
זיי וועלן זיין לוסטיק פאַר גאָט,
און קוועלן מיט שמחה.
5 זינגט צו גאָט, באַזינגט זיין נאָמען,
דערהייבט דעם וואָס רייט דורך די הימלען—
יָה איז זיין נאָמען—
און פרייט זיך פאַר אים.
6 דער פאָטער פון יתומים, און דער ריכטער פון אַלמנות,
איז גאָט אין זיין הייליקער וווינונג.
7 גאָט באַזעצט די עלנדע אין אַ היים,
ער ברענגט אַרויס די געפאַנגענע אין גליק;
נאָר די אָפּקערער בלייבן אין טריקעניש.

8 גאָט, אַז דו ביסט אַרויסגעגאַנגען פאַרויס פאַר דיין פאָלק,
אַז דו האָסט געשפּרייזט דורך דער וויסטעניש, סֶלָה,
9 האָט די ערד געציטערט, אויך די הימלען האָבן געטריפט פאַר גאָט;
דערדאָזיקער סיני—פאַר גאָט, דעם גאָט פון ישׂראל.
10 אַ רעגן פון שֶפע האָסטו אַראָפּגעזיפּט, גאָט,
אַז דיין נחלה איז פאַרשמאַכט געווען, האָסטו זי אויפגעריכט.
11 דיין סטאַדע האָט זיך באַזעצט דערין;
האָסטו אין דיין גוטסקייט, גאָט, אָנגעברייט פאַר די אָרימע.

12 גאָט גיט אַרויס אַ וואָרט—
אָנזאָגערינס אַ גרויסע מחנה.
13 מלכים פון מחנות לויפן־אַנטלויפן,
און די שטובזיצערין טיילט רויב.
14 צי ווילט איר ליגן צווישן די שאָפגעהעפטן?
די פליגלען פון דער טויב זיינען מיט זילבער באַדעקט,
און אירע פלעדערן מיט גרינלעכן גאָלד.
15 אַז דער אַלמאַכטיקער האָט צעשפּרייט די מלכים אין איר,
האָט עס געשנייט אויף צַלמון.

16 אַ באַרג פון גאָט איז באַרג בָשָן,
אַ באַרג פון שפּיצן איז באַרג בָשָן.
17 וואָס קוקט איר קרום, איר פילשפּיציקע בערג,
אויף דעם באַרג וואָס גאָט האָט פאַר זיין וווינונג געגלוסט,
וווּ יהוה וועט אויך רוען אויף אייביק?
18 די רייטוועגן פון גאָט זיינען צענטויזנטן,
טויזנטן אויף טויזנטן;
גאָט איז צווישן זיי ווי אויף סינַי אין הייליקייט.
19 ביסט אַרויפגעגאַנגען אין דער הייך,
האָסט געפאַנגען אַ געפאַנג,
האָסט גענומען מתּנות אין מענטשן;
אַז אויך צווישן די אָפּקערער זאָל רוען יָה גאָט.
20 געלויבט איז גאָט,
טאָג פאַר טאָג טוט ער אונדז טראָגן;
גאָט איז אונדזער ישועה. סֶלָה.
21 גאָט איז אונדז אַ גאָט פון ישועות,
און ביי גאָט דעם האַר זיינען די אויסוועגן פון טויט.

22 פֿאַרוואָר, גאָט וועט צעלעכערן דעם קאָפּ פֿון זיינע
פֿיינט,
דעם האָריקן שאַרבן פֿון דעם וואָס גייט אין זיינע זינד.
23 גאָט זאָגט: פֿון בָּשָׁן וועל איך אומקערן,
איך וועל אומקערן פֿון די טיפֿענישן פֿון ים;
24 כּדי זאָלסט טונקען אין בלוט דיין פֿוס,
די צונג פֿון דיינע הינט זאָל האָבן איר חלק פֿון די פֿיינט.

25 מע קוקט־צו דיינע גייאונגען, גאָט,
די גייאונגען צו מיין גאָט, מיין קיניג, אין הייליקטום.
26 פֿאַרויס גייען די זינגער, נאָכדעם די שפּילער,
אין מיטן פֿון מיידלעך וואָס פּייקלען.
27 „אין געזעמלען לויבט גאָט,
[לויבט] דעם האַר, איר פֿון קוואַל פֿון ישׂראל.״
28 אָן איז בנימין דער יינגסטער, זייער געוועלטיקער,
די האַרן פֿון יהודה מיט זייער מחנה,
די האַרן פֿון זבולון, די האַרן פֿון נפֿתּלי.
29 דיין גאָט זאָל באַפֿעלן דיין שטאַרקייט;
שטאַרק זיך, גאָט, דו וואָס האָסט געטאָן פֿאַר אונדז.
30 פֿון דיין טעמפּל אין ירושָׁלַיִם;
זאָלן מלכים דיר ברענגען מתּנות.
31 שריי אָן אויף דער חיה פֿונעם וואַסעררָאָר,
אויפֿן געזעמל אָקסן מיט די קעלבער־פֿעלקער,
זיי זאָלן זיך צו די פֿיס וואַרפֿן מיט זילבערשטיקער;
ער זאָל צעשפּרייטן די אומות וואָס באַגערן מלחמות.
32 שָׂרָרות זאָלן קומען פֿון מִצרַיִם,
כּוש זאַל אויסשטרעקן אירע הענט צו גאָט.

33 איר קיניגרייכן פֿון דער ערד, זינגט צו גאָט,
שפּילט צו דעם האַר, סֶלָה;
34 צו דעם וואָס רייט אויף די אוראַלטע הימלען פֿון די
הימלען;
זע, ער לאָזט אַרויס זיין קָול, אַ מאַכטיקן קָול.
35 גיט שטאַרקייט צו גאָט;
איבער ישׂראל איז זיין גרויסקייט,
און זיין שטאַרקייט אין די וואָלקנס.
36 גאָט איז פֿאָרכטיק פֿון דיינע הייליקטומען;
גאָט פֿון ישׂראל, ער גיט שטאַרקייט און מאַכט צום
פֿאָלק;
געלויבט איז גאָט.

סט 1 פֿאַר דעם געזאַנגמייסטער, אויף שׁוֹשַׁנים; פֿון
דודן.
2 העלף מיך, גאָט,
וואָרום דאָס וואַסער איז געקומען ביז דער זעל.
3 איך בין אַיינגעזונקען אין אַ טיפֿן זומפּ,
און ניטאָ קיין באַשטאַנד;
איך בין געקומען אין טיפֿע וואַסערן,
און דער שטראָם האָט מיך פֿאַרפֿלייצט.
4 איך בין מיד פֿון מיין רופֿן,
מיין קעל איז פֿאַרטריקנט,
די אויגן גייען מיר אויס
האַרנדיק אויף מיין גאָט.
5 מער ווי די האָר פֿון מיין קאָפּ

כב תּוֹצָאוֹת׃ אַךְ־אֱלֹהִים יִמְחַץ רֹאשׁ אֹיְבָיו קָדְקֹד שֵׂעָר
כג מִתְהַלֵּךְ בַּאֲשָׁמָיו׃ אָמַר אֲדֹנָי מִבָּשָׁן אָשִׁיב אָשִׁיב
כד מִמְּצֻלוֹת יָם׃ לְמַעַן ׀ תִּמְחַץ רַגְלְךָ בְּדָם לְשׁוֹן כְּלָבֶיךָ
כה מֵאֹיְבִים מִנֵּהוּ׃ רָאוּ הֲלִיכוֹתֶיךָ אֱלֹהִים הֲלִיכוֹת אֵלִי מַלְכִּי
כו בַקֹּדֶשׁ׃ קִדְּמוּ שָׁרִים אַחַר נֹגְנִים בְּתוֹךְ עֲלָמוֹת תּוֹפֵפוֹת׃
כז
כח בְּמַקְהֵלוֹת בָּרְכוּ אֱלֹהִים אֲדֹנָי מִמְּקוֹר יִשְׂרָאֵל׃ שָׁם
בִּנְיָמִן ׀ צָעִיר רֹדֵם שָׂרֵי יְהוּדָה רִגְמָתָם שָׂרֵי זְבֻלוּן שָׂרֵי
כט נַפְתָּלִי׃ צִוָּה אֱלֹהֶיךָ עֻזֶּךָ עוּזָּה אֱלֹהִים זוּ פָּעַלְתָּ לָּנוּ׃
ל
לא מֵהֵיכָלֶךָ עַל־יְרוּשָׁלָםִ לְךָ יוֹבִילוּ מְלָכִים שָׁי׃ גְּעַר חַיַּת
קָנֶה עֲדַת אַבִּירִים ׀ בְּעֶגְלֵי עַמִּים מִתְרַפֵּס בְּרַצֵּי־כָסֶף
לב בִּזַּר עַמִּים קְרָבוֹת יֶחְפָּצוּ׃ יֶאֱתָיוּ חַשְׁמַנִּים מִנִּי מִצְרָיִם
לג כּוּשׁ תָּרִיץ יָדָיו לֵאלֹהִים׃ מַמְלְכוֹת הָאָרֶץ שִׁירוּ לֵאלֹהִים
לד זַמְּרוּ אֲדֹנָי סֶלָה׃ לָרֹכֵב בִּשְׁמֵי שְׁמֵי־קֶדֶם הֵן־יִתֵּן בְּקוֹלוֹ
לה קוֹל עֹז׃ תְּנוּ עֹז לֵאלֹהִים עַל־יִשְׂרָאֵל גַּאֲוָתוֹ וְעֻזּוֹ בַּשְּׁחָקִים׃
לו נוֹרָא אֱלֹהִים ׀ מִמִּקְדָּשֶׁיךָ אֵל יִשְׂרָאֵל הוּא נֹתֵן ׀ עֹז וְתַעֲצֻמוֹת
לָעָם בָּרוּךְ אֱלֹהִים׃

## סט

א
ב לַמְנַצֵּחַ עַל־שׁוֹשַׁנִּים לְדָוִד׃ הוֹשִׁיעֵנִי אֱלֹהִים כִּי בָאוּ
ג מַיִם עַד־נָפֶשׁ׃ טָבַעְתִּי ׀ בִּיוֵן מְצוּלָה וְאֵין מָעֳמָד בָּאתִי
ד בְמַעֲמַקֵּי־מַיִם וְשִׁבֹּלֶת שְׁטָפָתְנִי׃ יָגַעְתִּי בְקָרְאִי נִחַר
ה גְּרוֹנִי כָּלוּ עֵינַי מְיַחֵל לֵאלֹהָי׃ רַבּוּ ׀ מִשַּׂעֲרוֹת רֹאשִׁי
שֹׂנְאַי חִנָּם עָצְמוּ מַצְמִיתַי אֹיְבַי שֶׁקֶר אֲשֶׁר לֹא־גָזַלְתִּי
ו אָז אָשִׁיב׃ אֱלֹהִים אַתָּה יָדַעְתָּ לְאִוַּלְתִּי וְאַשְׁמוֹתַי מִמְּךָ
ז לֹא־נִכְחָדוּ׃ אַל־יֵבֹשׁוּ בִי ׀ קֹוֶיךָ אֲדֹנָי יֱהוִה צְבָאוֹת אַל־
ח יִכָּלְמוּ בִי מְבַקְשֶׁיךָ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ כִּי־עָלֶיךָ נָשָׂאתִי חֶרְפָּה
ט כִּסְּתָה כְלִמָּה פָנָי׃ מוּזָר הָיִיתִי לְאֶחָי וְנָכְרִי לִבְנֵי אִמִּי׃
י כִּי־קִנְאַת בֵּיתְךָ אֲכָלָתְנִי וְחֶרְפּוֹת חוֹרְפֶיךָ נָפְלוּ עָלָי׃

ס ח, כט׳ שורק עם הדגש

זיינען מיינע אומזיסטיקע שׂוֹנאים;
שטאַרק זיינען מיינע פֿאַרטיליקער,
מיינע פֿיינט פֿאַר גאָרנישט;
וואָס איך האָב ניט געגזלט
מוז איך דרום אָפּגעבן.
6 גאָט, דו ווייסט מיין נאַרישקייט,
און מיינע פֿאַרשולדיקונגען זיינען פֿון דיר ניט פֿאַרהוילן.
7 זאָלן ניט אין בּיוּש בלייבן דורך מיר דיינע האָפֿער,
דו האַר יהוה פֿון צבָאוֹת;
זאָלן ניט פֿאַרשעמט ווערן דורך מיר דיינע זוכער,
גאָט פֿון ישׂראל.
8 וואָרום פֿון דיינעטוועגן האָב איך געליטן חרפּה,
אַ שאַנד האָט באַדעקט מיין פּנים.
9 פֿאַרפֿרעמדט בין איך געוואָרן צו מיינע ברידער,
און ווילדפֿרעמד צו די זין פֿון מיין מוטער.
10 וואָרום דער צאָרן פֿאַר דיין הויז האָט מיך געגעסן,
און די לעסטערונגען פֿון דיינע לעסטערער זיינען געפֿאַלן
אויף מיר.

וָאֶבְכֶּה בַצּוֹם נַפְשִׁי וַתְּהִי לַחֲרָפוֹת לִי׃ וָאֶתְּנָה לְבוּשִׁי יא יב
שָׂק וָאֱהִי לָהֶם לְמָשָׁל׃ יָשִׂיחוּ בִי יֹשְׁבֵי שָׁעַר וּנְגִינוֹת יג
שׁוֹתֵי שֵׁכָר׃ וַאֲנִי תְפִלָּתִי־לְךָ ׀ יְהוָה עֵת רָצוֹן אֱלֹהִים יד
בְּרָב־חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ׃ הַצִּילֵנִי מִטִּיט וְאַל־ טו
אֶטְבָּעָה אִנָּצְלָה מִשֹּׂנְאַי וּמִמַּעֲמַקֵּי מָיִם׃ אַל־תִּשְׁטְפֵנִי ׀ טז
שִׁבֹּלֶת מַיִם וְאַל־תִּבְלָעֵנִי מְצוּלָה וְאַל־תֶּאְטַר־עָלַי בְּאֵר
פִּיהָ׃ עֲנֵנִי יְהוָה כִּי־טוֹב חַסְדֶּךָ כְּרֹב רַחֲמֶיךָ פְּנֵה אֵלָי׃ יז
וְאַל־תַּסְתֵּר פָּנֶיךָ מֵעַבְדֶּךָ כִּי־צַר־לִי מַהֵר עֲנֵנִי׃ קָרְבָה יח יט
אֶל־נַפְשִׁי גְאָלָהּ לְמַעַן אֹיְבַי פְּדֵנִי׃ אַתָּה יָדַעְתָּ חֶרְפָּתִי כ
וּבָשְׁתִּי וּכְלִמָּתִי נֶגְדְּךָ כָּל־צוֹרְרָי׃ חֶרְפָּה ׀ שָׁבְרָה לִבִּי כא
וָאָנוּשָׁה וָאֲקַוֶּה לָנוּד וָאַיִן וְלַמְנַחֲמִים וְלֹא מָצָאתִי׃ וַיִּתְּנוּ כב
בְּבָרוּתִי רֹאשׁ וְלִצְמָאִי יַשְׁקוּנִי חֹמֶץ׃ יְהִי שֻׁלְחָנָם לִפְנֵיהֶם כג
לְפָח וְלִשְׁלוֹמִים לְמוֹקֵשׁ׃ תֶּחְשַׁכְנָה עֵינֵיהֶם מֵרְאוֹת כד
וּמָתְנֵיהֶם תָּמִיד הַמְעַד׃ שְׁפָךְ־עֲלֵיהֶם זַעְמֶךָ וַחֲרוֹן אַפְּךָ כה
יַשִּׂיגֵם׃ תְּהִי־טִירָתָם נְשַׁמָּה בְּאָהֳלֵיהֶם אַל־יְהִי יֹשֵׁב׃ כו
כִּי־אַתָּה אֲשֶׁר־הִכִּיתָ רָדָפוּ וְאֶל־מַכְאוֹב חֲלָלֶיךָ יְסַפֵּרוּ׃ כז
תְּנָה־עָוֺן עַל־עֲוֺנָם וְאַל־יָבֹאוּ בְּצִדְקָתֶךָ׃ יִמָּחוּ מִסֵּפֶר חַיִּים כח כט
וְעִם־צַדִּיקִים אַל־יִכָּתֵבוּ׃ וַאֲנִי עָנִי וְכוֹאֵב יְשׁוּעָתְךָ אֱלֹהִים ל
תְּשַׂגְּבֵנִי׃ אֲהַלְלָה שֵׁם־אֱלֹהִים בְּשִׁיר וַאֲגַדְּלֶנּוּ בְתוֹדָה׃ לא
וְתִיטַב לַיהוָה מִשּׁוֹר פָּר מַקְרִן מַפְרִיס׃ רָאוּ עֲנָוִים יִשְׂמָחוּ לב לג
דֹּרְשֵׁי אֱלֹהִים וִיחִי לְבַבְכֶם׃ כִּי־שֹׁמֵעַ אֶל־אֶבְיוֹנִים ׀ לד
יְהוָה וְאֶת־אֲסִירָיו לֹא בָזָה׃ יְהַלְלוּהוּ שָׁמַיִם וָאָרֶץ יַמִּים לה
וְכָל־רֹמֵשׂ בָּם׃ כִּי אֱלֹהִים ׀ יוֹשִׁיעַ צִיּוֹן וְיִבְנֶה עָרֵי יְהוּדָה לו
וְיָשְׁבוּ שָׁם וִירֵשׁוּהָ׃ וְזֶרַע עֲבָדָיו יִנְחָלוּהָ וְאֹהֲבֵי שְׁמוֹ לז
יִשְׁכְּנוּ־בָהּ׃

ע

לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד לְהַזְכִּיר׃ אֱלֹהִים לְהַצִּילֵנִי יְהוָה לְעֶזְרָתִי א ב

סט, כא׳ נ״א שברה לבי

11 און האָב איך אויסגעוויינט אין פאַסטן מיין זעל,
איז דאָס מיר צו לעסטערונג געוואָרן.
12 און האָב איך געמאַכט זאַק מיין קלייד,
בין איך ביי זיי צום שפּריכוואָרט געוואָרן.
13 עס רעדן פון מיר די טויערזיצער,
און [איך בין] דאָס געזאַנג פון די ווייןטרינקער.

14 אָבער איך–מיין תּפילה צו דיר, גאָט,
איז: אַ שעה פון באַוויליקונג;
גאָט, אין דיין גרויס גענאָד
ענטפער מיר מיט דיין אמתער ישועה.
15 זיי מיך מציל פון דעם ליים,
אַז איך זאָל ניט איינגעזונקען ווערן;
לאָמיך ניצול ווערן פון מיינע פיינט,
און פון די טיפע וואַסערן.
16 לאָז מיך ניט פאַרפלייצן דער שטראָם וואַסער,
און לאָז מיך ניט איינשלינגען די טיפעניש,
און לאָז ניט צומאַכן די גרוב איר מויל איבער מיר.
17 ענטפער מיר, גאָט, וואָרום גוט איז דיין חסד;
לויט דיין גרויס דערבאַרימונג קער זיך צו מיר.
18 און זאָלסט ניט פאַרבאָרגן דיין פּנים פון דיין קנעכט,
וואָרום מיר איז ענג; ענטפער מיר גיך.
19 גענען צו מיין זעל, לייז זי אויס,
קויף מיך אויס פון וועגן מיינע פיינט.

20 דו ווייסט מיין חרפּה און מיין בושה און מיין שאַנד,
פאַר דיר זיינען אַלע מיינע דריקער.
21 אַ חרפּה צעבּרעכט מיין האַרץ, און איך בין חָרב;
און איך האָב געהאָפט אויף באַדויער, און ניטאָ,
און אויף טרייסטער, און ניט געפונען.
22 און זיי האָבן אַריינגעטאָן גיפט אין מיין שפּייז,
און פאַר מיין דאָרשט גיבן זיי מיר טרינקען עסיק.

23 זאָל זייער טיש וואָס פאַר זיי, ווערן פאַר אַ נעץ,
און אין מיטן פון פריד, פאַר אַ פאַסטקע.

24 זאָלן זייערע אויגן פינצטער ווערן ניט צו זען,
און זייערע לענדן מאַך וואַקלען תּמיד.
25 גיס אויס אויף זיי דיין כּעס,
און דיין גרימצאָרן זאָל זיי דערגרייכן.
26 זאָל זייער ישוב זיין פאַרוויסט,
אין זייערע געצעלטן זאָל ניט זיין קיין באַוווינער.
27 וואָרום דעם וואָס דו האָסט געשלאָגן רודפן זיי,
און פון דעם ווייטאָק פון דיינע פאַרוואונדטע
דערציילן זיי זיך.
28 לייג צו זינד אויף זייער זינד,
און זאָלן זיי ניט צוקומען צו דיין גערעכטיקייט.
29 זאָלן זיי אויסגעמעקט ווערן פון בוך פון די לעבע־
דיקע,
און מיט די גערעכטע זאָלן זיי ניט פאַרשריבן ווערן.
30 אָבער איך בין אָרים און צעווייטאָקט,
זאָל דיין הילף, גאָט, מיך דערהייכן.
31 איך וועל רימען דעם נאָמען פון גאָט מיט געזאַנג,
און וועל אים גרייסן מיט לויב.

32 און דאָס וועט זיין בעסער ביי גאָט ווי אַן אָקס,
ווי אַ בול באַהאָרנט, באַקלויט.
33 זאָלן זען די געדריקטע, און זיך פרייען;
איר וואָס זוכט גאָט, זאָל אויפלעבן אייער האַרץ!
34 וואָרום גאָט הערט צו די באַדערפטיקע,
און זיינע געפאַנגענע טוט ער ניט פאַראַכטן.
35 לויבן וועלן אים הימל און ערד,
די ימען און אַלץ וואָס ווידמענט אין זיי.
36 וואָרום גאָט וועט העלפן ציון,
און וועט בויען די שטעט פון יהודה,
און זיי וועלן זיך דאָרטן באַזעצן, און זי ירשען.
37 און דער זאָמען פון זיינע קנעכט וועט זי אַרבן,
און די ליבהאָבער פון זיין נאָמען וועלן וווינען אין איר.

ע

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; פון דודן, אויף אַ דערמאָ־
נונג.
2 גאָט, מיך מציל צו זיין,
יהוה, צו מיין הילף, טו אײַלן.

3 וואָלן פאַרשעמט און צו שאַנד ווערן
די וואָס זוכן מיין לעבן;
וואָלן אָפּטרעטן אַהינטער און זיך שעמען
די וואָס ווינטשן מיר בייז.
4 וואָלן זיך צוריקקערן פון וועגן זייער שאַנד
די וואָס זאָגן: אַהאַ! אַהאַ!
5 וואָלן לוסטיק זיין און זיך פרייען מיט דיר
אַלע וואָס זוכן דיך.
און וואָלן תמיד זאָגן: געגרייסט זאָל זיין גאָט!
די וואָס האָבן ליב דיין ישועה.
6 אָבער איך בין אָרים און באַדערפטיק,
גאָט, טו אַיילן צו מיר;
דו ביסט מיין הילף, און דער וואָס מאַכט מיך אַנטרינען;
יהוה, זאָלסט זיך ניט זאַמען.

# עא

1 אין דיר, גאָט, טו איך מיך שיצן,
לאָמיך קיינמאָל ניט פאַרשעמט ווערן.
2 אין דיין גערעכטיקייט זאָלסטו מיך מציל זיין, און מיך
מאַכן אַנטרינען;
נייג צו דיין אויער צו מיר, און העלף מיך.
3 זיי מיר פאַר אַ פעלז פון באַשיצונג
ווּהין תמיד צו קומען;
באַשער מיר צו העלפן,
וואָרום דו ביסט מיין פעלז און מיין פעסטונג.

4 מיין גאָט, מאַך מיך אַנטרינען פון דער האַנט פון רשע,
פון פויסט פון דעם פאַרברעכער און דריקער.
5 וואָרום דו ביסט מיין האָפענונג, גאָט דער האַר,
מיין פאַרזיכערונג פון מיין יוגנט אָן.
6 אויף דיר האָב איך זיך אָנגעלענט פון מוטערלייב,
פון מיין מוטערס אינגעווייד האָסט דו מיך אַרויסגעצויגן;
מיין לויב איז תמיד פון דיר.
7 ווי אַ בייזווונדער בין איך געוואָרן ביי פיל,
אָבער דו ביסט מיין שטאַרקע באַשיצונג.
8 מיין מויל איז אָנגעפילט מיט דיין לויב,
אַ גאַנצן טאָג מיט דיין רימונג.
9 זאָלסט מיך ניט אַוועקוואַרפן אין צייט פון זקנה,
אַז מיינע כּוחות גייען אויס, זאָלסטו מיך ניט פאַרלאָזן.
10 וואָרום מיינע פיינט רעדן וועגן מיר,
און די לויערער אויף מיין זעל עצהן זיך אין איינעם,
11 אַזוי צו זאָגן: גאָט האָט אים פאַרלאָזן;
יאָגט נאָך און כאַפּט אים, וואָרום ניטאָ ווער זאָל מציל
זיין.
12 גאָט, זאָלסט זיך ניט דערווייטערן פון מיר;
מיין גאָט, אַייל מיר צו הילף.
13 וואָלן פאַרשעמט ווערן, וואָלן אויסגיין
די שׂונאים פון מיין לעבן;
וואָלן באַדעקט ווערן מיט חרפּה און שאַנד
די וואָס זוכן מיר בייז.

14 אָבער איך וועל תמיד האָפן,
און וועל נאָך צולייגן צו אַל דיין לויב.
15 מיין מויל וועט דערציילן דיין גערעכטיקייט,
אַ גאַנצן טאָג דיין הילף;
וואָרום איך קען ניט אויסדערציילן.

ג חוּשָׁה: יֵבֹשׁוּ וְיַחְפְּרוּ מְבַקְשֵׁי נַפְשִׁי יִסֹּגוּ אָחוֹר וְיִכָּלְמוּ
ד חֲפֵצֵי רָעָתִי: יָשׁוּבוּ עַל־עֵקֶב בָּשְׁתָּם הָאֹמְרִים הֶאָח ׀
ה הֶאָח: יָשִׂישׂוּ וְיִשְׂמְחוּ ׀ בְּךָ כָּל־מְבַקְשֶׁיךָ וְיֹאמְרוּ תָמִיד
ו יִגְדַּל אֱלֹהִים אֹהֲבֵי יְשׁוּעָתֶךָ: וַאֲנִי ׀ עָנִי וְאֶבְיוֹן אֱלֹהִים
חוּשָׁה לִּי עֶזְרִי וּמְפַלְטִי אַתָּה יְהוָֹה אַל־תְּאַחַר:

עא

א ב בְּךָ־יְהוָֹה חָסִיתִי אַל־אֵבוֹשָׁה לְעוֹלָם: בְּצִדְקָתְךָ תַּצִּילֵנִי
ג וּתְפַלְּטֵנִי הַטֵּה־אֵלַי אָזְנְךָ וְהוֹשִׁיעֵנִי: הֱיֵה לִי ׀ לְצוּר
מָעוֹן לָבוֹא תָּמִיד צִוִּיתָ לְהוֹשִׁיעֵנִי כִּי־סַלְעִי וּמְצוּדָתִי אָתָּה:
ד ה אֱלֹהַי פַּלְּטֵנִי מִיַּד רָשָׁע מִכַּף מְעַוֵּל וְחוֹמֵץ: כִּי־אַתָּה
ו תִקְוָתִי אֲדֹנָי יְהוִֹה מִבְטַחִי מִנְּעוּרָי: עָלֶיךָ ׀ נִסְמַכְתִּי מִבֶּטֶן
ז מִמְּעֵי אִמִּי אַתָּה גוֹזִי בְּךָ תְהִלָּתִי תָמִיד: כְּמוֹפֵת הָיִיתִי
ח לְרַבִּים וְאַתָּה מַחֲסִי־עֹז: יִמָּלֵא פִי תְּהִלָּתֶךָ כָּל־הַיּוֹם
ט תִּפְאַרְתֶּךָ: אַל־תַּשְׁלִיכֵנִי לְעֵת זִקְנָה כִּכְלוֹת כֹּחִי אַל־
י תַּעַזְבֵנִי: כִּי־אָמְרוּ אוֹיְבַי לִי וְשֹׁמְרֵי נַפְשִׁי נוֹעֲצוּ יַחְדָּו:
יא יב לֵאמֹר אֱלֹהִים עֲזָבוֹ רִדְפוּ וְתִפְשׂוּהוּ כִּי אֵין מַצִּיל: אֱלֹהִים
יג אַל־תִּרְחַק מִמֶּנִּי אֱלֹהַי לְעֶזְרָתִי חוּשָׁה: יֵבֹשׁוּ יִכְלוּ שֹׂטְנֵי
יד נַפְשִׁי יַעֲטוּ חֶרְפָּה וּכְלִמָּה מְבַקְשֵׁי רָעָתִי: וַאֲנִי תָּמִיד
טו אֲיַחֵל וְהוֹסַפְתִּי עַל־כָּל־תְּהִלָּתֶךָ: פִּי ׀ יְסַפֵּר צִדְקָתֶךָ כָּל־
טז הַיּוֹם תְּשׁוּעָתֶךָ כִּי לֹא יָדַעְתִּי סְפֹרוֹת: אָבוֹא בִּגְבֻרוֹת
יז אֲדֹנָי יְהוִֹה אַזְכִּיר צִדְקָתְךָ לְבַדֶּךָ: אֱלֹהִים לִמַּדְתַּנִי
יח מִנְּעוּרָי וְעַד־הֵנָּה אַגִּיד נִפְלְאוֹתֶיךָ: וְגַם עַד־זִקְנָה ׀ וְשֵׂיבָה
אֱלֹהִים אַל־תַּעַזְבֵנִי עַד־אַגִּיד זְרוֹעֲךָ לְדוֹר לְכָל־יָבוֹא
יט גְּבוּרָתֶךָ: וְצִדְקָתְךָ אֱלֹהִים עַד־מָרוֹם אֲשֶׁר־עָשִׂיתָ גְדֹלוֹת
כ אֱלֹהִים מִי כָמוֹךָ: אֲשֶׁר הִרְאִיתַנוּ ׀ צָרוֹת רַבּוֹת וְרָעוֹת
כא תָּשׁוּב תְּחַיֵּנוּ וּמִתְּהֹמוֹת הָאָרֶץ תָּשׁוּב תַּעֲלֵנִי: תֶּרֶב ׀
כב גְּדֻלָּתִי וְתִסֹּב תְּנַחֲמֵנִי: גַּם־אֲנִי ׀ אוֹדְךָ בִכְלִי־נֶבֶל אֲמִתְּךָ

עא, ג׳ ס״א לבוא תמיד   יב׳ חושה ק   יג׳ יעטו חרפה   יח׳ סבירין יבוא
כ׳ הראתני ק   תחיני ק   תעלני כן כתיב וקרי

16 איך וועל קומען מיט די גבורות פון גאָט דעם האַר,
איך וועל דערמאָנען דיין גערעכטיקייט, דיינע אַליין.
17 גאָט, האָסט מיך געלערנט פון מיין יוגנט אָן,
און ביז אַהער דערצייל איך דיינע וווּנדער.
18 און אויך ביז זקנה און גראָער עלטער, גאָט,
זאָלסטו מיך ניט פאַרלאָזן,
ביז איך וועל דערציילן דיין מאַכט צום אַנדערן דור,
צו איטלעכן וואָס וועט קומען, דיין גבורה.
19 יאָ, דיין גערעכטיקייט, גאָט, איז ביזן הימל,
דו וואָס האָסט אויפגעטאָן גרויס.
גאָט, ווער איז דיין גלייכן?
20 דו וואָס האָסט מיך געלאָזט זען פיל צרות און בייזן,
וועסט ווידער מיך אויפלעבן,
און פון די תהומען פון דער ערד
וועסטו ווידער מיך אויפברענגען.
21 וועסט מערן מיין גדולה,
און וועסט ווידער מיך טרייסטן.
22 דרומעך וועל איך דיך לויבן אויף אַ גיטאַר,—

כג אֱלֹהָי אֲזַמְּרָה לְךָ בְכִנּוֹר קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל׃ תְּרַנֵּנָּה שְׂפָתַי כִּי
כד אֲזַמְּרָה־לָּךְ וְנַפְשִׁי אֲשֶׁר פָּדִיתָ׃ גַּם־לְשׁוֹנִי כָּל־הַיּוֹם תֶּהְגֶּה
צִדְקָתֶךָ כִּי בֹשׁוּ כִי־חָפְרוּ מְבַקְשֵׁי רָעָתִי׃

עב

א לִשְׁלֹמֹה ׀ אֱלֹהִים מִשְׁפָּטֶיךָ לְמֶלֶךְ תֵּן וְצִדְקָתְךָ לְבֶן־מֶלֶךְ׃
ב ג יָדִין עַמְּךָ בְצֶדֶק וַעֲנִיֶּיךָ בְמִשְׁפָּט׃ יִשְׂאוּ הָרִים שָׁלוֹם
ד לָעָם וּגְבָעוֹת בִּצְדָקָה׃ יִשְׁפֹּט ׀ עֲנִיֵּי־עָם יוֹשִׁיעַ לִבְנֵי אֶבְיוֹן
ה וִידַכֵּא עוֹשֵׁק׃ יִירָאוּךָ עִם־שָׁמֶשׁ וְלִפְנֵי יָרֵחַ דּוֹר דּוֹרִים׃
ו ז יֵרֵד כְּמָטָר עַל־גֵּז כִּרְבִיבִים זַרְזִיף אָרֶץ׃ יִפְרַח־בְּיָמָיו
ח צַדִּיק וְרֹב שָׁלוֹם עַד־בְּלִי יָרֵחַ׃ וְיֵרְדְּ מִיָּם עַד־יָם וּמִנָּהָר
ט עַד־אַפְסֵי־אָרֶץ׃ לְפָנָיו יִכְרְעוּ צִיִּים וְאֹיְבָיו עָפָר יְלַחֵכוּ׃
י מַלְכֵי תַרְשִׁישׁ וְאִיִּים מִנְחָה יָשִׁיבוּ מַלְכֵי שְׁבָא וּסְבָא
יא אֶשְׁכָּר יַקְרִיבוּ׃ וְיִשְׁתַּחֲווּ־לוֹ כָל־מְלָכִים כָּל־גּוֹיִם
יב יג יַעַבְדוּהוּ׃ כִּי־יַצִּיל אֶבְיוֹן מְשַׁוֵּעַ וְעָנִי וְאֵין־עֹזֵר לוֹ׃ יָחֹס
יד עַל־דַּל וְאֶבְיוֹן וְנַפְשׁוֹת אֶבְיוֹנִים יוֹשִׁיעַ׃ מִתּוֹךְ וּמֵחָמָס
טו יִגְאַל נַפְשָׁם וְיֵיקַר דָּמָם בְּעֵינָיו׃ וִיחִי וְיִתֶּן־לוֹ מִזְּהַב
טז שְׁבָא וְיִתְפַּלֵּל בַּעֲדוֹ תָמִיד כָּל־הַיּוֹם יְבָרְכֶנְהוּ׃ יְהִי פִסַּת־
בַּר ׀ בָּאָרֶץ בְּרֹאשׁ הָרִים יִרְעַשׁ כַּלְּבָנוֹן פִּרְיוֹ וְיָצִיצוּ
יז מֵעִיר כְּעֵשֶׂב הָאָרֶץ׃ יְהִי שְׁמוֹ ׀ לְעוֹלָם לִפְנֵי־שֶׁמֶשׁ יִנּוֹן
יח שְׁמוֹ וְיִתְבָּרְכוּ בוֹ כָּל־גּוֹיִם יְאַשְּׁרוּהוּ׃ בָּרוּךְ ׀ יְהוָה אֱלֹהִים
יט אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל עֹשֵׂה נִפְלָאוֹת לְבַדּוֹ׃ וּבָרוּךְ ׀ שֵׁם כְּבוֹדוֹ
כ לְעוֹלָם וְיִמָּלֵא כְבוֹדוֹ אֶת־כֹּל הָאָרֶץ אָמֵן ׀ וְאָמֵן׃ כָּלּוּ
תְפִלּוֹת דָּוִד בֶּן־יִשָׁי׃

## ספר שלישי

עג

א מִזְמוֹר לְאָסָף אַךְ טוֹב לְיִשְׂרָאֵל אֱלֹהִים לְבָרֵי לֵבָב׃

עב, יז׳ ינן קרי

דיין געטריישאַפט, מיין גאָט;
איך וועל שפּילן צו דיר אויף אַ האַרף,
דו הייליקער פון ישׂראל.
23 מיינע ליפּן וועלן זינגען,
אַז איך וועל שפּילן צו דיר,
און מיין זעל וואָס דו האָסט אויסגעלייזט.
24 אויך מיין צונג אַ גאַנצן טאָג
וועט רעדן דיין גערעכטיקייט,
וואָרום פאַרשעמט, וואָרום צו שאַנד ווערן
די וואָס זוכן מיר בייז.

## עב

1 פון שלמהן.
גאָט, גיב דיינע משפּטים צום מלך,
און דיין גערעכטיקייט צום מלכס זון;
2 ער זאָל משפּטן דיין פאָלק מיט רעכטפאַרטיקייט,
און דיינע אָרימע לויט רעכט.
3 די בערג זאָלן טראָגן שלום צום פאָלק,
און די הייכן–דורך גערעכטיקייט.
4 ער זאָל משפּטן די אָרימע פון פאָלק,
ער זאָל העלפן די קינדער פון אביון,
און צעדריקן דעם רויבער.
5 מע זאָל דיך פאָרכטן ווי לאַנג די זון וועט זיין,
און אַזוי ווי די לבנה, אויף דור־דורות.
6 ער זאָל נידערן ווי רעגן אויף געשניטן גראָז,
ווי שפּריירעגן וואָס באַגיסט די ערד.
7 בליען אין זיינע טעג זאָל דער צדיק,
און אַ שֶפע פון פריד ביז די לבנה וועט מער ניט זיין.
8 און ער זאָל געוועלטיקן פון ים ביז ים,
און פון טייךא ביז די עקן פון דער ערד.
9 פאַר אים זאָלן קניען די מדבר־לייט,
און זיינע פיינט זאָלן לעקן דעם שטויב.
10 די מלכים פון תּרשיש און די אינדזלען זאָלן אָפּגאָב צאָלן,
די מלכים פון שבאָ און סבאָ זאָלן מתּנות ברענגען.

11 און בוקן זאָלן זיך פאַר אים אַלע מלכים,
אַלע פעלקער זאָלן אים דינען.
12 וואָרום ער וועט מציל זיין דעם אביון וואָס שרייט,
און דעם אָרימאַן וואָס האָט ניט קיין העלפער.
13 ער וועט זיך דערבאַרימען אויפן אָרימאַן און אביון,
און די נפשות פון די אביונים וועט ער העלפן.
14 פון דריקונג און פון רויב וועט ער אויסלייזן זייער זעל,
און טייער וועט זיין זייער בלוט אין זיינע אויגן.
15 דרום זאָל ער לעבן,
און מע זאָל אים געבן פון דעם גאָלד פון שבאָ;
און מע זאָל מתפּלל זיין פאַר אים תּמיד,
אַ גאַנצן טאָג זאָל מען אים בענטשן.
16 ער זאָל זיין ווי אַ גערעטעניש פון תּבואה אין לאַנד,
אויף די שפּיץ בערג זאָל רוישן ווי דער לבָנון זיין פרוכט;
און זיי זאָלן שפּראָצן פון דער שטאָט
אַזוי ווי גראָז פון דער ערד.

17 זיין נאָמען זאָל זיין אייביק,
אַזוי לאַנג ווי די זון זאָל בליען זיין נאָמען,
און מע זאָל זיך בענטשן מיט אים;
אַלע פעלקער זאָלן אים רימען.

18 געלויבט איז גאָט יהוה, דער גאָט פון ישׂראל,
וואָס ער אַליין טוט וווּנדער;
19 און געלויבט זיין פּראַכטיקער נאָמען אויף אייביק;
און די גאַנצע ערד זאָל אָנגעפילט ווערן מיט זיין פּראַכט.
אָמן און אָמן!

20 געענדיקט די תּפילות פון דוד דעם זון פון ישַין.

## דריטער ספר

## עג

1 אַ מִזמור פון אָסָפן.
פאַרוואָר, גאָט איז גוט צו ישׂראל,
צו די וואָס האָבן אַ ריין האַרץ.

א טייך פּרָת.

ב ג וַאֲנִי כִּמְעַט נָטוּי רַגְלָי כְּאַיִן שֻׁפְּכָה אֲשֻׁרָי׃ כִּי־קִנֵּאתִי
ד בַּהוֹלְלִים שְׁלוֹם רְשָׁעִים אֶרְאֶה׃ כִּי אֵין חַרְצֻבּוֹת לְמוֹתָם
ה וּבָרִיא אוּלָם׃ בַּעֲמַל אֱנוֹשׁ אֵינֵמוֹ וְעִם־אָדָם לֹא יְנֻגָּעוּ׃
ו ז לָכֵן עֲנָקַתְמוֹ גַאֲוָה יַעֲטָף־שִׁית חָמָס לָמוֹ׃ יָצָא מֵחֵלֶב
ח עֵינֵמוֹ עָבְרוּ מַשְׂכִּיּוֹת לֵבָב׃ יָמִיקוּ ׀ וִידַבְּרוּ בְרָע עֹשֶׁק
ט מִמָּרוֹם יְדַבֵּרוּ׃ שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם וּלְשׁוֹנָם תִּהֲלַךְ בָּאָרֶץ׃
י יא לָכֵן ׀ יָשִׁיב עַמּוֹ הֲלֹם וּמֵי מָלֵא יִמָּצוּ לָמוֹ׃ וְאָמְרוּ אֵיכָה
יב יָדַע־אֵל וְיֵשׁ דֵּעָה בְעֶלְיוֹן׃ הִנֵּה־אֵלֶּה רְשָׁעִים וְשַׁלְוֵי
יג עוֹלָם הִשְׂגּוּ־חָיִל׃ אַךְ־רִיק זִכִּיתִי לְבָבִי וָאֶרְחַץ בְּנִקָּיוֹן
יד טו כַּפָּי׃ וָאֱהִי נָגוּעַ כָּל־הַיּוֹם וְתוֹכַחְתִּי לַבְּקָרִים׃ אִם־אָמַרְתִּי
טז אֲסַפְּרָה כְמוֹ הִנֵּה דוֹר בָּנֶיךָ בָגָדְתִּי׃ וָאֲחַשְּׁבָה לָדַעַת
יז זֹאת עָמָל הִיא בְעֵינָי׃ עַד־אָבוֹא אֶל־מִקְדְּשֵׁי־אֵל אָבִינָה
יח לְאַחֲרִיתָם׃ אַךְ בַּחֲלָקוֹת תָּשִׁית לָמוֹ הִפַּלְתָּם לְמַשּׁוּאוֹת׃
יט אֵיךְ הָיוּ לְשַׁמָּה כְרָגַע סָפוּ תַמּוּ מִן־בַּלָּהוֹת׃ כַּחֲלוֹם
כ כא מֵהָקִיץ אֲדֹנָי בָּעִיר ׀ צַלְמָם תִּבְזֶה׃ כִּי־יִתְחַמֵּץ לְבָבִי
כב וְכִלְיוֹתַי אֶשְׁתּוֹנָן׃ וַאֲנִי בַעַר וְלֹא אֵדָע בְּהֵמוֹת הָיִיתִי
כג כד עִמָּךְ׃ וַאֲנִי תָמִיד עִמָּךְ אָחַזְתָּ בְּיַד יְמִינִי׃ בַּעֲצָתְךָ תַנְחֵנִי
כה וְאַחַר כָּבוֹד תִּקָּחֵנִי׃ מִי־לִי בַשָּׁמָיִם וְעִמְּךָ לֹא־חָפַצְתִּי
כו בָאָרֶץ׃ כָּלָה שְׁאֵרִי וּלְבָבִי צוּר־לְבָבִי וְחֶלְקִי אֱלֹהִים
כז לְעוֹלָם׃ כִּי־הִנֵּה רְחֵקֶיךָ יֹאבֵדוּ הִצְמַתָּה כָּל־זוֹנֶה מִמֶּךָּ׃
כח וַאֲנִי ׀ קִרֲבַת אֱלֹהִים לִי־טוֹב שַׁתִּי ׀ בַּאדֹנָי יֱהֹוִה מַחְסִי
לְסַפֵּר כָּל־מַלְאֲכוֹתֶיךָ׃

עד

א מַשְׂכִּיל לְאָסָף לָמָה אֱלֹהִים זָנַחְתָּ לָנֶצַח יֶעְשַׁן אַפְּךָ
ב בְּצֹאן מַרְעִיתֶךָ׃ זְכֹר עֲדָתְךָ ׀ קָנִיתָ קֶּדֶם גָּאַלְתָּ שֵׁבֶט
ג נַחֲלָתֶךָ הַר־צִיּוֹן זֶה ׀ שָׁכַנְתָּ בּוֹ׃ הָרִימָה פְעָמֶיךָ לְמַשֻּׁאוֹת
ד נֶצַח כָּל־הֵרַע אוֹיֵב בַּקֹּדֶשׁ׃ שָׁאֲגוּ צֹרְרֶיךָ בְּקֶרֶב מוֹעֲדֶךָ

עג, ב׳ נטיו ק׳ שפכו קרי ז׳ ס״א יצא י׳ ישוב קרי
טז׳ ס״א זאת׳ הוא ק׳

2 און איך—מיינע פיס האָבן כמעט זיך געבייגט,
שיר זיך ניט אויסגעגליטשט האָבן מיינע טריט.
3 וואָרום איך האָב מקנא געווען די מוטוויליקע,
אַז דאָס גליק פון די רשעים פלעג איך זען.
4 וואָרום זיי האָבן ניט קיין יסורים,
און זייער לייב איז געזונט.
5 די מאַטערניש פון לייטן האָבן זיי ניט,
און זיי ווערן ניט געפּלאָגט אַזוי ווי מענטשן.
6 דרום איז גאווה זייער האַלדזבאַנד,
ווי אַן אָנטועכץ וויקלט זיי אַיין אומרעכט.
7 פון פעטס קריכן אַרויס זייערע אויגן,
די פאַרוועלעגישן פון האַרצן לויפן איבער.
8 זיי שפּעטן און רעדן מיט בייזקייט רויב,
פון אויבן אַראָפּ רעדן זיי.
9 זיי שטעלן אָן קעגן הימל זייער מויל,
און זייער צונג גייט אום אויף דער ערד.
10 דרום קערט זיך זיין פאָלק אַהינצו,
וואָרום וואַסער פון שֶפע ווערט געזופּט ביי זיי.
11 און זיי זאָגן: ווי קען גאָט וויסן?
און: איז דען דאָ וויסן ביים אויבערשטן?
12 זע, דאָס זיינען די רשעים,
און אייביק בשַלווה, מערן זיי גוטס.
13 בלויז אומגישט האָב איך געלייטערט מיין האַרץ,
און געוואַשן אין ריינקייט מיינע הענט;
14 וואָרום איך בין געווען געפּלאָגט אַ גאַנצן טאָג,
און אַלע פרימאָרגן איז געווען מיין שטראָף.
15 אַז איך וואָלט געזאָגט: איך וועל רעדן אַזוי,
וואָלט איך דאָך אָן דעם דָור פון דיינע קינדער געפעלשט.
16 אָבער אַז איך האָב זיך פאַרטראַכט דאָס צו פאַרשטיין,
איז דאָס געווען אומרעכט אין מיינע אויגן.
17 ביז איך בין געקומען אין די הייליקטומען פון גאָט:
האָב איך פאַרשטאַנען זייער סָוף.
18 פאַרוואָר, אויף אַ גליטש שטעלסטו זיי,
וואַרפסט זיי אַראָפּ צום אונטערגאַנג.
19 ווי ווערן זיי צו וויסט אין אַ רגע!
זיי עקן זיך, זיי ווערן פאַרלענדט פון שרעקענישן.
20 ווי אַ חלום אַז מע כאַפּט זיך אויף,
אַזוי, גאָט, וואַכנדיק, פאַראַכטסטו זייער בילד.
21 יאָ, מיין האַרץ פלעגט זיין פאַרזויערט,
און אין די נירן פלעגט מיר שטעכן;
22 ווייל איך בין געווען פאַרגרעבט, און פלעג ניט וויסן;
ווי אַ בהמה בין איך געווען פאַר דיר.

23 אָבער איך בין תמיד ביי דיר,
דו האַלטסט מיך ביי דער רעכטער האַנט.
24 מיט דיין עצה וועסטו מיך פירן,
און צו כבוד וועסטו מיך ברענגען.
25 וועמען נאָך האָב איך אין הימל?
און צו דיר באַגער איך ניט קיינעם אויף דער ערד.
26 מיין לייב און מיין האַרץ גייט אויס,
דער פעלז פון מיין האַרצן און מיין חלק איז אייביק גאָט.
27 וואָרום, זע, די ווייטע פון דיר וועלן אונטערגיין,
דו פאַרשניידסט איטלעכן וואָס קערט זיך אָפּ פון דיר.
28 אָבער איך—די נאָנטקייט פון גאָט איז מיין גוטס,
איך האָב געמאַכט אין גאָט דעם האַר מיין באַשיצונג,
כּדי צו דערציילן וועגן אַלע דיינע ווערק.

# עד

1 אַ באַטראַכטונג פון אָסָפן.
פאַרוואָס, גאָט, האָסטו אונדז פאַרלאָזן אויף אייביק?
[פאַרוואָס] ברענט דיין צאָרן אויף די שאָף פון דיין פיטערונג?
2 דערמאָן זיך אָן דיין עדה וואָס דו האָסט אויסגעקויפט אַמאָל,
וואָס דו האָסט אויסגעלייזט צום שבט פון דיין אַרב;
אָן דעם באַרג צִיוֹן וואָס דו האָסט אויף אים גערוט.
3 הייב אויף דיינע טריט צו די אייביקע חורבות;
אַלץ האָט צעבראָכן דער שׂונא אין הייליקטום.
4 דיינע פיינט האָבן געברילט אין מיטן פון דיין זאַמלאָרט,

ה שָׁמוּ אוֹתֹתָם אֹתוֹת׃ יִוָּדַע כְּמֵבִיא לְמָעְלָה בִּסֲבָךְ־עֵץ
ו קַרְדֻּמּוֹת׃ וְעַתָּה פִּתּוּחֶיהָ יָּחַד בְּכַשִּׁיל וְכֵילַפּוֹת יַהֲלֹמוּן׃
ז ח שִׁלְּחוּ בָאֵשׁ מִקְדָּשֶׁךָ לָאָרֶץ חִלְּלוּ מִשְׁכַּן־שְׁמֶךָ׃ אָמְרוּ
ט בְלִבָּם נִינָם יָחַד שָׂרְפוּ כָל־מוֹעֲדֵי־אֵל בָּאָרֶץ׃ אוֹתֹתֵינוּ
י לֹא רָאִינוּ אֵין־עוֹד נָבִיא וְלֹא־אִתָּנוּ יֹדֵעַ עַד־מָה׃ עַד־
יא מָתַי אֱלֹהִים יְחָרֶף צָר יְנָאֵץ אוֹיֵב שִׁמְךָ לָנֶצַח׃ לָמָּה
יב תָשִׁיב יָדְךָ וִימִינֶךָ מִקֶּרֶב חוֹקְךָ כַלֵּה׃ וֵאלֹהִים מַלְכִּי
יג מִקֶּדֶם פֹּעֵל יְשׁוּעוֹת בְּקֶרֶב הָאָרֶץ׃ אַתָּה פוֹרַרְתָּ בְעָזְּךָ
יד יָם שִׁבַּרְתָּ רָאשֵׁי תַנִּינִים עַל־הַמָּיִם׃ אַתָּה רִצַּצְתָּ רָאשֵׁי
טו לִוְיָתָן תִּתְּנֶנּוּ מַאֲכָל לְעָם לְצִיִּים׃ אַתָּה בָקַעְתָּ מַעְיָן וָנָחַל
טז אַתָּה הוֹבַשְׁתָּ נַהֲרוֹת אֵיתָן׃ לְךָ יוֹם אַף־לְךָ לָיְלָה אַתָּה
יז הֲכִינוֹתָ מָאוֹר וָשָׁמֶשׁ׃ אַתָּה הִצַּבְתָּ כָּל־גְּבוּלוֹת אָרֶץ קַיִץ
יח וָחֹרֶף אַתָּה יְצַרְתָּם׃ זְכָר־זֹאת אוֹיֵב חֵרֵף ׀ יְהוָה וְעַם־
יט נָבָל נִאֲצוּ שְׁמֶךָ׃ אַל־תִּתֵּן לְחַיַּת נֶפֶשׁ תּוֹרֶךָ חַיַּת עֲנִיֶּיךָ
כ אַל־תִּשְׁכַּח לָנֶצַח׃ הַבֵּט לַבְּרִית כִּי־מָלְאוּ מַחֲשַׁכֵּי־אֶרֶץ
כא נְאוֹת חָמָס׃ אַל־יָשֹׁב דַּךְ נִכְלָם עָנִי וְאֶבְיוֹן יְהַלְלוּ שְׁמֶךָ׃
כב קוּמָה אֱלֹהִים רִיבָה רִיבֶךָ זְכֹר חֶרְפָּתְךָ מִנִּי־נָבָל כָּל־
כג הַיּוֹם׃ אַל־תִּשְׁכַּח קוֹל צֹרְרֶיךָ שְׁאוֹן קָמֶיךָ עֹלֶה תָמִיד׃

## עה

א ב לַמְנַצֵּחַ אַל־תַּשְׁחֵת מִזְמוֹר לְאָסָף שִׁיר׃ הוֹדִינוּ לְּךָ ׀
ג אֱלֹהִים הוֹדִינוּ וְקָרוֹב שְׁמֶךָ סִפְּרוּ נִפְלְאוֹתֶיךָ׃ כִּי־אֶקַּח
ד מוֹעֵד אֲנִי מֵישָׁרִים אֶשְׁפֹּט׃ נְמֹגִים אֶרֶץ וְכָל־יֹשְׁבֶיהָ
ה אָנֹכִי תִכַּנְתִּי עַמּוּדֶיהָ סֶּלָה׃ אָמַרְתִּי לַהוֹלְלִים אַל־תָּהֹלּוּ
ו וְלָרְשָׁעִים אַל־תָּרִימוּ קָרֶן׃ אַל־תָּרִימוּ לַמָּרוֹם קַרְנְכֶם
ז תְּדַבְּרוּ בְצַוָּאר עָתָק׃ כִּי לֹא מִמּוֹצָא וּמִמַּעֲרָב וְלֹא
ח מִמִּדְבַּר הָרִים׃ כִּי־אֱלֹהִים שֹׁפֵט זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה יָרִים׃
ט כִּי כוֹס בְּיַד־יְהוָה וְיַיִן חָמַר ׀ מָלֵא מֶסֶךְ וַיַּגֵּר מִזֶּה אַךְ־

עד, ו׳ ועתה קרי   ז׳ הל וסה   יא׳ חיקך קרי   עה, ז׳ ס״א ולא ממדבר

זייערע צייכנס האָבן זיי אויפגעשטעלט פאַר צייכנס.
5 עס האָט זיך געדאַכט, ווי מע וואָלט אויפהייבן אין דער הייך
העק אויפן געצווייג פון אַ בוים.
6 און אָט האָבן זיי אירע געשניצן מיטאַנאַנדער,
מיט אַ ברעכאַייזן און האַמערס צעהאַקט.
7 זיי האָבן אָנגעצונדן אין פייער דיין הייליקטום,
צו דער ערד האָבן זיי פאַרשוועכט די וווינונג פון דיין נאָמען.
8 זיי האָבן געזאָגט אין זייער האַרצן:
לאָמיר זיי פאַרטיליקן אין איינעם;
זיי האָבן פאַרברענט אַלע זאַמלערטער פון גאָט אין לאַנד.
9 אונדזערע צייכנס זעען מיר ניט,
ניטאָ מער קיין נביא,
און ניטאָ ביי אונדז ווער זאָל וויסן ביז וואַנען.
10 ביז וואַנען, גאָט, וועט לעסטערן דער פיינט?
וועט שענדן דער שׂונא דיין נאָמען נאָכאַנאַנד?
11 פאַרוואָס האַלטסטו צוריק דיין האַנט, דיין רעכטע?
צי זי אַרויס פון דיין בוזעם, פאַרלענד.
12 גאָט איז דאָך מיין קיניג פון אייביק אָן,
ער טוט ישועות אין לאַנד.
13 דו האָסט צעברעקלט מיט דיין שטאַרקייט דעם ים,
האָסט צעבראָכן די קעפּ פון די שלענג אויפן וואַסער.
14 דו האָסט צעהאַקט די קעפּ פון לִוְיָתן,
אים געגעבן פאַר שפּייז צום פאָלק, צו מדבר־לייט.
15 דו האָסט געשפּאָלטן קוואַלן און טייכן,
דו האָסט אויסגעטריקנט מאַכטיקע שטראָמען.
16 דיין איז דער טאָג, דיין אויך די נאַכט,
דו האָסט אָנגעברייט לבנה און זון.
17 דו האָסט אויפגעשטעלט אַלע געמאַרקן פון דער ערד;
זומער און ווינטער, זיי האָסט דו באַשאַפן.
18 דערמאָן זיך אָן דעם, ווי דער פיינט האָט געלעס־טערט גאָט,
און דאָס נידערטרעכטיקע פאָלק האָט געשענדט דיין נאָמען.
19 זאָלסט ניט איבערגעבן צו אַ חיה די זעל פון דיין טורטלטויב,
זאָלסט ניט פאַרגעסן אויף אייביק דאָס לעבן פון דיינע אָרימע.
20 קוק זיך אום אויף דעם בונד,
וואָרום די פינצטערע ווינקלען פון דער ערד
זיינען פול מיט וווינונגען פון רויב.
21 זאָל דער געשלאָגענער זיך ניט אומקערן פאַרשעמט,
זאָל דער אָרימאַן און דער אביון לויבן דיין נאָמען.
22 שטיי אויף, גאָט, קריג דיין קריג,
געדענק דיין לעסטערונג פון דעם נידערטרעכטיקן אַ גאַנצן טאָג.
23 זאָלסט ניט פאַרגעסן דעם ליאַרעם פון דיינע פיינט,
דעם טומל פון דיינע קעגנשטייער וואָס גייט אויף נאָכאַנאַנד.

## עה

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; אַל־תַּשְׁחֵת; אַ מִזמור פון אָסָפן, אַ געזאַנג.
2 מיר לויבן דיך, גאָט,
מיר לויבן, און נאָנט איז דיין נאָמען;
מע דערציילט דיינע וווּנדער.
3 „אַז איך נעם אַ צייט,
טו איך משפּטן מיט יוֹשר.
4 מעגן זיך וואַקלען די ערד און אַלע אירע באַוווינער,
איך טו באַפעסטיקן אירע ויילן. סֶלָה.
5 איך זאָג צו די מוטוויליקע: איר זאָלט ניט מוטוויליקן,
און צו די רשעים: איר זאָלט ניט אויפהייבן דעם האָרן.
6 איר זאָלט ניט אויפהייבן אין דער הייך אַייער האָרן,
ניט רעדן מיט אַ פאַרשייטן האַלדז.
7 וואָרום ניט פון מורח אָדער פון מערב,
און ניט פון מדבר, קומט דערהייכונג.
8 נאָר גאָט איז דער ריכטער:
דעם דערנידערט ער, און דעם דערהייכט ער.
9 וואָרום אַ כּוֹס איז אין דער האַנט פון גאָט,
מיט וויין וואָס שוימט, מיט מישגעטראַנק פול,
און ער גיסט אָן דערפון;

בלויז די הייוון דערפון זופּטרינקען
אַלע רשעים פון דער ערד.

10 אָבער איך וועל אייביק דערציילן,
איך וועל זינגען צום גאָט פון יעקב.
11 און אַלע הערנער פון די רשעים וועל איך אָפּהאַקן;
דערהייכט וועלן ווערן די הערנער פון די צדיקים.

## עו

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער, מיט סטרונעשפּיל; אַ
מִזמור פון אָסָפן, אַ געזאַנג.
2 באַקאַנט אין יהודה איז גאָט,
גרויס איז זיין נאָמען אין ישראל.
3 און אין שָלֵם איז זיין ביידל,
און זיין וווינונג אין ציון.
4 דאָרטן האָט ער צעבראָכן די בליציקע פיילן פון בויגן,
דעם שילד און די שווערד און מלחמה. סֶלָה.

5 ליכטיק ביסטו, מאַכטיקער,
פון די בערג פון פאַרצוקונג;
6 אויסן זינען זיינען געוואָרן די שטאַרקהאַרציקע,
זיי זיינען איינגעשלאָפן זייער שלאָף;
און אַלע קריגסלייט האָבן ניט געפונען זייערע הענט.
7 פון דיין אָנגעשריי, גאָט פון יעקב,
איז אַנטשלומערט געוואָרן אי רייטער אי פערד.

8 דו ביסט פאָרכטיק, דו,
און ווער קען באַשטיין פאַר דיר,
ווי באַלד דו ביסט אין כּעס?
9 פון הימל האָסטו געלאָזט הערן[א] אַ דין,
די ערד האָט מורא געקריגן און איז שטיל געוואָרן,
10 אַז גאָט איז אויפגעשטאַנען צום משפּט,
צו העלפן אַלע געדריקטע פון דער ערד. סֶלָה.

11 פאַרוואָר, די גרימצאָרנדיקע וועלן דיך לויבן,
דעם איבערבלייב פון גרימצאָרן וועסטו איינצאַמען.
12 טוט אַ נדר און באַצאָלט צו יהוה אייער גאָט;
אַלע אַרום אים זאָלן ברענגען מתנות צום געפאָרכטן.
13 ער האַלט איין דאָס געמיט פון פירשטן,
ער איז פאָרכטיק פאַר אַלע מלכים פון דער ערד.

## עז

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער, פאַר ידותון; פון אָסָפן
אַ מִזמור.
2 מיין קול איז צו גאָט, און איך שריי,
מיין קול איז צו גאָט, און פאַרנעם צו מיר.
3 אין טאָג פון מיין נויט זוך איך גאָט,
מיין האַנט איז אויסגעשטרעקט ביי נאַכט אָן אויפהער,
מיין זעל וויל זיך ניט טרייסטן.
4 אַז איך דערמאָן זיך, גאָט, טו איך ברומען,
איך קלאָג, און מיין געמיט פאַרגייט זיך. סֶלָה.
5 דו האַלטסט צו די ברעמען פון מיינע אויגן;
איך בין צערודערט און קען ניט רעדן.
6 איך טראַכט אָן די טעג פון אַמאָל,

י שְׁמָרֶיהָ יִמְצוּ יִשְׁתּוּ כֹּל רִשְׁעֵי־אָרֶץ׃ וַאֲנִי אַגִּיד לְעֹלָם
יא אֲזַמְּרָה לֵאלֹהֵי יַעֲקֹב׃ וְכָל־קַרְנֵי רְשָׁעִים אֲגַדֵּעַ תְּרוֹמַמְנָה
קַרְנוֹת צַדִּיק׃

עו

א ב לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינֹת מִזְמוֹר לְאָסָף שִׁיר׃ נוֹדָע בִּיהוּדָה אֱלֹהִים
ג בְּיִשְׂרָאֵל גָּדוֹל שְׁמוֹ׃ וַיְהִי בְשָׁלֵם סֻכּוֹ וּמְעוֹנָתוֹ בְצִיּוֹן׃
ד ה שָׁמָּה שִׁבַּר רִשְׁפֵי־קָשֶׁת מָגֵן וְחֶרֶב וּמִלְחָמָה סֶלָה׃ נָאוֹר
ו אַתָּה אַדִּיר מֵהַרְרֵי־טָרֶף׃ אֶשְׁתּוֹלְלוּ ׀ אַבִּירֵי לֵב נָמוּ
ז שְׁנָתָם וְלֹא־מָצְאוּ כָל־אַנְשֵׁי־חַיִל יְדֵיהֶם׃ מִגַּעֲרָתְךָ אֱלֹהֵי
ח יַעֲקֹב נִרְדָּם וְרֶכֶב וָסוּס׃ אַתָּה ׀ נוֹרָא אַתָּה וּמִי־יַעֲמֹד
ט לְפָנֶיךָ מֵאָז אַפֶּךָ׃ מִשָּׁמַיִם הִשְׁמַעְתָּ דִּין אֶרֶץ יָרְאָה
י וְשָׁקָטָה׃ בְּקוּם־לַמִּשְׁפָּט אֱלֹהִים לְהוֹשִׁיעַ כָּל־עַנְוֵי־אֶרֶץ
יא יב סֶלָה׃ כִּי־חֲמַת אָדָם תּוֹדֶךָּ שְׁאֵרִית חֵמֹת תַּחְגֹּר׃ נִדְרוּ
וְשַׁלְּמוּ לַיהוָה אֱלֹהֵיכֶם כָּל־סְבִיבָיו יֹבִילוּ שַׁי לַמּוֹרָא׃
יג יִבְצֹר רוּחַ נְגִידִים נוֹרָא לְמַלְכֵי־אָרֶץ׃

עז

א ב לַמְנַצֵּחַ עַל־יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר׃ קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים
ג וְאֶצְעָקָה קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים וְהַאֲזִין אֵלָי׃ בְּיוֹם צָרָתִי אֲדֹנָי
דָּרָשְׁתִּי יָדִי ׀ לַיְלָה נִגְּרָה וְלֹא תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי׃
ד אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים וְאֶהֱמָיָה אָשִׂיחָה ׀ וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה׃
ה ו אָחַזְתָּ שְׁמֻרוֹת עֵינָי נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר׃ חִשַּׁבְתִּי יָמִים
ז מִקֶּדֶם שְׁנוֹת עוֹלָמִים׃ אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה עִם־לְבָבִי
ח אָשִׂיחָה וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי׃ הַלְעוֹלָמִים יִזְנַח ׀ אֲדֹנָי וְלֹא־יֹסִיף
ט לִרְצוֹת עוֹד׃ הֶאָפֵס לָנֶצַח חַסְדּוֹ גָּמַר אֹמֶר לְדֹר וָדֹר׃
י יא הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵל אִם־קָפַץ בְּאַף רַחֲמָיו סֶלָה׃ וָאֹמַר
יב חַלּוֹתִי הִיא שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן׃ אֶזְכּוֹר מַעַלְלֵי־יָהּ כִּי־אֶזְכְּרָה
יג מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ׃ וְהָגִיתִי בְכָל־פָּעֳלֶךָ וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ אָשִׂיחָה׃

עו, ג׳ שרק עם הדגש   ו׳ מלרע   עז, א׳ ידותון קרי   יב׳ אזכור קרי

אָן די יאָרן פון פאַרצייטן.
7 איך דערמאָן זיך מיין געזאַנג ביי נאַכט,
איך רעד מיט מיין האַרצן,
און עס פאָרשט מיין גייסט:
8 וועט אויף אייביק גאָט פאַרלאָזן,
און וועט מער ניט באַווילִיקן ווידער?
9 איז אויסגעגאַנגען אויף אייביק זיין חסד?
איז דער צוזאָג געענדיקט אויף דור־דורות?
10 האָט פאַרגעסן צו לייטזעליקן גאָט?
צי האָט ער אין צאָרן פאַרשלאָסן זיין רחמנות? סֶלָה.
11 און איך זאָג: דאָס איז מיין ווייטאָק,
וואָס געביטן האָט זיך די רעכטע האַנט פון אויבערשטן.
12 איך דערמאָן די אויפטוען פון גאָט,
יאָ, איך דערמאָן דיינע וווּנדער פון פאַרצייטן.
13 און איך טראַכט אָן אַל דיין ווערק,
און אָן דיינע טואונגען טו איך קלערן.

[א] וואָרטשפּיל: מִשָּׁמַיִם הִשְׁמַעְתָּ.

יד טו אֱלֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ מִי אֵל גָּדוֹל כֵּאלֹהִים׃ אַתָּה הָאֵל
טז עֹשֵׂה פֶלֶא הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים עֻזֶּךָ׃ גָּאַלְתָּ בִּזְרוֹעַ עַמֶּךָ בְּנֵי־
יז יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה׃ רָאוּךָ מַּיִם ׀ אֱלֹהִים רָאוּךָ מַּיִם יָחִילוּ
יח אַף יִרְגְּזוּ תְהֹמוֹת׃ זֹרְמוּ מַיִם ׀ עָבוֹת קוֹל נָתְנוּ שְׁחָקִים
יט אַף־חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ׃ קוֹל רַעַמְךָ ׀ בַּגַּלְגַּל הֵאִירוּ בְרָקִים
כ תֵּבֵל רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ׃ בַּיָּם דַּרְכֶּךָ וְשְׁבִילְיךָ בְּמַיִם
כא רַבִּים וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ׃ נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ בְּיַד־
מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן׃

עח

א מַשְׂכִּיל לְאָסָף הַאֲזִינָה עַמִּי תּוֹרָתִי הַטּוּ אָזְנְכֶם לְאִמְרֵי־
ב ג פִי׃ אֶפְתְּחָה בְמָשָׁל פִּי אַבִּיעָה חִידוֹת מִנִּי־קֶדֶם׃ אֲשֶׁר
ד שָׁמַעְנוּ וַנֵּדָעֵם וַאֲבוֹתֵינוּ סִפְּרוּ־לָנוּ׃ לֹא נְכַחֵד ׀ מִבְּנֵיהֶם
לְדוֹר אַחֲרוֹן מְסַפְּרִים תְּהִלּוֹת יְהוָה וֶעֱזוּזוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו
ה אֲשֶׁר עָשָׂה׃ וַיָּקֶם עֵדוּת ׀ בְּיַעֲקֹב וְתוֹרָה שָׂם בְּיִשְׂרָאֵל
ו אֲשֶׁר צִוָּה אֶת־אֲבוֹתֵינוּ לְהוֹדִיעָם לִבְנֵיהֶם׃ לְמַעַן יֵדְעוּ ׀
ז דּוֹר אַחֲרוֹן בָּנִים יִוָּלֵדוּ יָקֻמוּ וִיסַפְּרוּ לִבְנֵיהֶם׃ וְיָשִׂימוּ
בֵאלֹהִים כִּסְלָם וְלֹא יִשְׁכְּחוּ מַעַלְלֵי־אֵל וּמִצְוֹתָיו יִנְצֹרוּ׃
ח וְלֹא יִהְיוּ ׀ כַּאֲבוֹתָם דּוֹר סוֹרֵר וּמֹרֶה דּוֹר לֹא־הֵכִין לִבּוֹ
ט וְלֹא־נֶאֶמְנָה אֶת־אֵל רוּחוֹ׃ בְּנֵי־אֶפְרַיִם נוֹשְׁקֵי רוֹמֵי־קָשֶׁת
י הָפְכוּ בְּיוֹם קְרָב׃ לֹא שָׁמְרוּ בְּרִית אֱלֹהִים וּבְתוֹרָתוֹ
יא מֵאֲנוּ לָלֶכֶת׃ וַיִּשְׁכְּחוּ עֲלִילוֹתָיו וְנִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר הֶרְאָם׃
יב יג נֶגֶד אֲבוֹתָם עָשָׂה פֶלֶא בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׂדֵה־צֹעַן׃ בָּקַע
יד יָם וַיַּעֲבִירֵם וַיַּצֶּב־מַיִם כְּמוֹ־נֵד׃ וַיַּנְחֵם בֶּעָנָן יוֹמָם וְכָל־
טו הַלַּיְלָה בְּאוֹר אֵשׁ׃ יְבַקַּע צֻרִים בַּמִּדְבָּר וַיַּשְׁקְ כִּתְהֹמוֹת
טז יז רַבָּה׃ וַיּוֹצִא נוֹזְלִים מִסָּלַע וַיּוֹרֶד כַּנְּהָרוֹת מָיִם׃ וַיּוֹסִיפוּ
יח עוֹד לַחֲטֹא־לוֹ לַמְרוֹת עֶלְיוֹן בַּצִּיָּה׃ וַיְנַסּוּ־אֵל בִּלְבָבָם
יט לִשְׁאָל־אֹכֶל לְנַפְשָׁם׃ וַיְדַבְּרוּ בֵּאלֹהִים אָמְרוּ הֲיוּכַל

עז, כ׳ יתיר י׳ עח, י׳ סגול בסוף פסוק

14 גאָט, אין הייליקייט איז דיין וועג;
ווער איז אַ גרויסער גאָט ווי גאָט?
15 דו ביסט דער גאָט וואָס טוט וווּנדער,
האָסט געלאָזט וויסן צווישן די פעלקער דיין שטאַרקייט.
16 האָסט אויסגעלייזט מיטן אָרעם דיין פאָלק,
די קינדער פון יעקב און יוסף. סֶלָה.

17 געזוען האָבן דיך די וואַסערן, גאָט,
געזוען האָבן דיך די וואַסערן, האָבן זיי ווייען געקריגן,
און געציטערט האָבן די תּהָומען.
18 געפלייצט וואַסער האָבן די וואָלקנס,
אַ קָול האָבן אַרויסגעלאָזט די הימלען,
און דיינע פיילן זיינען אומגעלאָפן.
19 דער קָול פון דיין דונער איז געווען אין דעם ווירבל־ווינט,
בליצן האָבן באַלויכטן די וועלט,
געציטערט און געשטורעמט האָט די ערד.
20 דורכן ים איז געווען דיין וועג,
און דיין שטעג דורך וואַסערן גרויסע,
און דיינע טריט זיינען ניט געמערקט געוואָרן.
21 האָסט געפירט אַזוי ווי שאָף דיין פאָלק,
דורך דער האַנט פון משהן און אַהרנען.

# עח

1 אַ באַטראַכטונג פון אָסָפן.
פאַרנעם, מיין פאָלק, מיין לערנונג,
נייגט אַייער אויער צו די ווערטער פון מיין מויל.
2 איך וועל עפענען מיט אַ משל מיין מויל,
איך וועל רעדן רעטענישן פון פאַרצייטן.
3 וואָס מיר האָבן געהערט און מיר ווייסן,
און אונדזערע עלטערן האָבן אונדז דערציילט,
4 וועלן מיר ניט פאַרהוילן פון זייערע קינדער;
דערציילנדיק דעם שפּעטערדיקן דָור
די לויבן פון גאָט און זיין שטאַרקייט,
און זיינע וווּנדער וואָס ער האָט געטאָן.
5 וואָרום ער האָט אויפגעשטעלט אַ געזעץ אין יעקב,
און אַ תּורה געמאַכט אין ישׂראל,
וואָס ער האָט באַפוילן אונדזערע עלטערן,
זיי צו מאַכן וויסן זייערע קינדער;
6 כּדי וויסן זאָל דער שפּעטערדיקער דָור,
די קינדער וואָס וועלן געבאָרן ווערן;
זיי זאָלן אויפשטיין און דערציילן זייערע קינדער.
7 און זיי זאָלן לייגן אויף גאָט זייער ביטחון,
און ניט פאַרגעסן די אויפטוען פון גאָט,
און זיינע געבאָט זאָלן זיי היטן;
8 און זיי זאָלן ניט זיין ווי זייערע עלטערן,
אַ דָור אָפּגעקערט און ווידערשפּעניק,
אַ דָור וואָס האָט ניט געפעסטיקט זיין האַרץ,
און ניט געטריי געווען איז זיין געמיט צו גאָט.

9 די קינדער פון אפרים, באַוואָפנטע בויגנשיסער,
האָבן זיך אומגעקערט אין טאָג פון מלחמה.
10 זיי האָבן ניט געהיט דעם בונד פון גאָט,
און אין זיין תּורה ניט געוואָלט גיין.

11 און זיי האָבן פאַרגעסן זיינע טואונגען,
און זיינע וווּנדער וואָס ער האָט זיי באַוויזן.
12 אַנטקעגן פאַר זייערע עלטערן האָט ער געטאָן וווּנדער,
אין לאַנד מִצרַיִם, אין פעלד פון צוֹעַן.
13 ער האָט געשפּאָלטן דעם ים, און זיי אַריבערגעפירט,
און אויפגעשטעלט די וואַסערן ווי אַ סטויג.
14 און ער האָט זיי געפירט מיט אַ וואָלקן ביי טאָג,
און די גאַנצע נאַכט מיט אַ פייערדיקן ליכט.
15 ער האָט געשפּאָלטן פעלזן אין מדבּר,
און זיי אָנגעטרונקען זאַט ווי פון תּהָומען.
16 און ער האָט אַרויסגעצויגן פלוסן פון פעלז,
און געמאַכט נידערן וואַסער ווי שטראָמען.

17 אָבער זיי האָבן נאָך ווייטער געזינדיקט צו אים,
צו ווידערשפּעניקן דעם אויבערשטן אין דער וויסטע.
18 און זיי האָבן געפּרוּווט גאָט אין זייער האַרצן,
צו פאַרלאַנגען עסן פאַר זייער גלוסט.
19 און זיי האָבן גערעדט קעגן גאָט,

געזאָגט: קען גאָט גרייטן אַ טיש אין דער מדבר?
20 יאָ, ער האָט געשלאָגן דעם פעלז, און וואַסער איז געפלאָסן,
און טייכן האָבן געפלייצט,
וועט ער אויך קענען ברויט געבן?
צי וועט ער אָנברייטן פלייש פאַר זיין פאָלק?
21 דרום האָט גאָט געהערט, און איז אין כּעס געוואָרן,
און אַ פייער האָט זיך אָנגעצונדן אין יעקב,
און פאַרוואָר, אַ צאָרן איז אויפגעגאַנגען אין ישׂראל;
22 ווייל זיי האָבן ניט געגלויבט אין גאָט,
און זיך ניט פאַרזיכערט אויף זיין הילף.
23 און ער האָט באַפוילן די וואָלקנס פון אויבן,
און די טירן פון הימל געעפנט.
24 און ער האָט געמאַכט רעגענען אויף זיי מָן צום עסן,
און הימל־תּבואה זיי געגעבן.
25 ברויט פון מלאָכים האָט איטלעכער געגעסן,
שפּייז צו זאַט האָט ער זיי אַראָפּגעשיקט.
26 ער האָט געמאַכט ציען דעם מזרח־ווינט אין הימל,
און געטריבן מיט זיין שטאַרקייט דעם דרום־ווינט.
27 און ער האָט געמאַכט רעגענען אויף זיי פלייש ווי שטויב,
און ווי זאַמד פון די ימען פויגלען געפליגלטע.
28 און ער האָט עס געלאָזט פאַלן אין מיטן פון זייער לאַגער,
רונד אַרום זייערע וווינונגען.
29 און זיי האָבן געגעסן, און זיינען איבערזאַט געוואָרן,
און זייער תּאווה האָט ער זיי געבראַכט.
30 נאָך האָבן זיי זיך ניט געהאַט אָפּגעעקעלט פון זייער תּאווה,
זייער שפּייז איז נאָך געווען אין זייער מויל,
31 און דער צאָרן פון גאָט איז אויפגעגאַנגען קעגן זיי,
און ער האָט געהרגעט פון זייערע שטאַרקסטע,
און די יונגלייט פון ישׂראל אַנידערגעלייגט.
32 ביי אַלעם דעם האָבן זיי ווידער געזינדיקט,
און ניט געגלויבט אין זיינע וואונדער.
33 און ער האָט פאַרלענדט ווי אַ הויך זייערע טעג,
און זייערע יאָרן אין אַ בהלה.
34 אַז ער האָט זיי געהרגעט, פלעגן זיי אים זוכן,
און פלעגן זיך אומקערן, און פאַרשן גאָט.
35 און זיי האָבן זיך דערמאָנט אַז גאָט איז זייער פעלז,
און גאָט דער אויבערשטער איז זייער אויסלייזער.
36 און זיי האָבן אים איבערגעבעטן מיט זייער מויל,
און מיט זייער צונג פלעגן זיי אים ליגן זאָגן.
37 אָבער זייער האַרץ איז ניט געווען פעסט מיט אים,
און זיי זיינען ניט געטריי געווען אין זיין בונד.
38 נאָר ער איז אַ דערבאַרימער,
ער איז מכפּר אויף זינד, און ברענגט ניט אום,
און ער האַלט אַ סך אָפּ זיין כּעס,
און דערוועקט ניט זיין גאַנצן גרימצאָרן.
39 און ער האָט זיך דערמאָנט אַז זיי זיינען פלייש,
אַ הויך וואָס פאַרגייט, און קערט ניט אום.
40 וויפל מאָל האָבן זיי אים ווידערשפּעניקט אין מדבר,
אים געקרענקט אין דער וויסטע!
41 און ווידער האָבן זיי געפּרוּווט גאָט,
און דעם הייליקן פון ישׂראל געערגערט.

כ אֶל לַעֲרֹךְ שֻׁלְחָן בַּמִּדְבָּר: הֵן הִכָּה־צוּר וַיָּזוּבוּ מַיִם
וּנְחָלִים יִשְׁטֹפוּ הֲגַם־לֶחֶם יוּכַל תֵּת אִם־יָכִין שְׁאֵר לְעַמּוֹ:
כא לָכֵן ׀ שָׁמַע יְהֹוָה וַיִּתְעַבָּר וְאֵשׁ נִשְּׂקָה בְיַעֲקֹב וְגַם־אַף
כב עָלָה בְיִשְׂרָאֵל: כִּי לֹא הֶאֱמִינוּ בֵּאלֹהִים וְלֹא בָטְחוּ
כג בִּישׁוּעָתוֹ: וַיְצַו שְׁחָקִים מִמָּעַל וְדַלְתֵי שָׁמַיִם פָּתָח:
כד כה וַיַּמְטֵר עֲלֵיהֶם מָן לֶאֱכֹל וּדְגַן־שָׁמַיִם נָתַן לָמוֹ: לֶחֶם
כו אַבִּירִים אָכַל אִישׁ צֵידָה שָׁלַח לָהֶם לָשֹׂבַע: יַסַּע קָדִים
כז בַּשָּׁמָיִם וַיְנַהֵג בְּעֻזּוֹ תֵימָן: וַיַּמְטֵר עֲלֵיהֶם כֶּעָפָר שְׁאֵר
כח וּכְחוֹל יַמִּים עוֹף כָּנָף: וַיַּפֵּל בְּקֶרֶב מַחֲנֵהוּ סָבִיב
כט לְמִשְׁכְּנֹתָיו: וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׂבְּעוּ מְאֹד וְתַאֲוָתָם יָבִא לָהֶם:
ל לא לֹא־זָרוּ מִתַּאֲוָתָם עוֹד אָכְלָם בְּפִיהֶם: וְאַף אֱלֹהִים ׀ עָלָה
לב בָהֶם וַיַּהֲרֹג בְּמִשְׁמַנֵּיהֶם וּבַחוּרֵי יִשְׂרָאֵל הִכְרִיעַ: בְּכָל־
לג זֹאת חָטְאוּ־עוֹד וְלֹא הֶאֱמִינוּ בְּנִפְלְאוֹתָיו: וַיְכַל־בַּהֶבֶל
לד יְמֵיהֶם וּשְׁנוֹתָם בַּבֶּהָלָה: אִם־הֲרָגָם וּדְרָשׁוּהוּ וְשָׁבוּ
לה וְשִׁחֲרוּ־אֵל: וַיִּזְכְּרוּ כִּי־אֱלֹהִים צוּרָם וְאֵל עֶלְיוֹן גֹּאֲלָם:
לו לז וַיְפַתּוּהוּ בְּפִיהֶם וּבִלְשׁוֹנָם יְכַזְּבוּ־לוֹ: וְלִבָּם לֹא־נָכוֹן
לח עִמּוֹ וְלֹא נֶאֶמְנוּ בִּבְרִיתוֹ: וְהוּא רַחוּם ׀ יְכַפֵּר עָוֺן וְלֹא
לט יַשְׁחִית וְהִרְבָּה לְהָשִׁיב אַפּוֹ וְלֹא־יָעִיר כָּל־חֲמָתוֹ: וַיִּזְכֹּר
מ כִּי־בָשָׂר הֵמָּה רוּחַ הוֹלֵךְ וְלֹא יָשׁוּב: כַּמָּה יַמְרוּהוּ
מא בַמִּדְבָּר יַעֲצִיבוּהוּ בִּישִׁימוֹן: וַיָּשׁוּבוּ וַיְנַסּוּ אֵל וּקְדוֹשׁ
מב יִשְׂרָאֵל הִתְווּ: לֹא־זָכְרוּ אֶת־יָדוֹ יוֹם אֲשֶׁר־פָּדָם מִנִּי־צָר:
מג מד אֲשֶׁר־שָׂם בְּמִצְרַיִם אֹתוֹתָיו וּמוֹפְתָיו בִּשְׂדֵה־צֹעַן: וַיַּהֲפֹךְ
מה לְדָם יְאֹרֵיהֶם וְנֹזְלֵיהֶם בַּל־יִשְׁתָּיוּן: יְשַׁלַּח בָּהֶם עָרֹב
מו וַיֹּאכְלֵם וּצְפַרְדֵּעַ וַתַּשְׁחִיתֵם: וַיִּתֵּן לֶחָסִיל יְבוּלָם וִיגִיעָם
מז מח לָאַרְבֶּה: יַהֲרֹג בַּבָּרָד גַּפְנָם וְשִׁקְמוֹתָם בַּחֲנָמַל: וַיַּסְגֵּר
מט לַבָּרָד בְּעִירָם וּמִקְנֵיהֶם לָרְשָׁפִים: יְשַׁלַּח־בָּם ׀ חֲרוֹן אַפּוֹ
נ עֶבְרָה וָזַעַם וְצָרָה מִשְׁלַחַת מַלְאֲכֵי רָעִים: יְפַלֵּס נָתִיב

לו׳ חצי הספר בפסוקים    מז׳ פתח בס״ס

42 זיי האָבן ניט געדאַכט אָן זיין האַנט,
אָן דעם טאָג וואָס ער האָט זיי אויסגעלייזט פון פיינט.
43 ווי ער האָט געמאַכט זיינע צייכנס אין מִצרַיִם,
און זיינע וואונדער אין פעלד פון צוֹעַן;
44 און פאַרקערט אין בלוט זייערע טייכן,
און זייערע פלוסן, זי זאָלן ניט קענען טרינקען.
45 ער האָט אָנגעשיקט אויף זיי אַ געמיש פליגן וואָס האָט זיי אויפגעגעסן,
און די פראָש וואָס האָט זיי פאַרוויסט.
46 און ער האָט איבערגעגעבן צום גריל זייער געוועקס,
און זייער מי צום הייששריק.
47 ער האָט געטייט מיט האָגל זייער וויינשטאָק,
און זייערע ווילדע פייגנביימער מיט פראָסט.
48 און ער האָט איבערגעענטפערט צום האָגל זייער פי,
און זייערע סטאַדעס צו בליצן.
49 ער האָט אָנגעשיקט אויף זיי דעם בראַנד פון זיין צאָרן,
כּעס און גרימצאָרן און לייד,
אַן אָנשיקעניש פון בייזע שלוחים.
50 ער האָט געמאַכט אַ וועג פאַר זיין צאָרן,

נא לְאַפּוֹ לֹא־חָשַׂךְ מִמָּוֶת נַפְשָׁם וְחַיָּתָם לַדֶּבֶר הִסְגִּיר׃ וַיַּךְ
נב כָּל־בְּכוֹר בְּמִצְרָיִם רֵאשִׁית אוֹנִים בְּאָהֳלֵי־חָם׃ וַיַּסַּע
נג כַּצֹּאן עַמּוֹ וַיְנַהֲגֵם כַּעֵדֶר בַּמִּדְבָּר׃ וַיַּנְחֵם לָבֶטַח וְלֹא
נד פָחָדוּ וְאֶת־אוֹיְבֵיהֶם כִּסָּה הַיָּם׃ וַיְבִיאֵם אֶל־גְּבוּל קָדְשׁוֹ
נה הַר־זֶה קָנְתָה יְמִינוֹ׃ וַיְגָרֶשׁ מִפְּנֵיהֶם ׀ גּוֹיִם וַיַּפִּילֵם בְּחֶבֶל
נו נַחֲלָה וַיַּשְׁכֵּן בְּאָהֳלֵיהֶם שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְנַסּוּ וַיַּמְרוּ
נז אֶת־אֱלֹהִים עֶלְיוֹן וְעֵדוֹתָיו לֹא שָׁמָרוּ׃ וַיִּסֹּגוּ וַיִּבְגְּדוּ
נח כַּאֲבוֹתָם נֶהְפְּכוּ כְּקֶשֶׁת רְמִיָּה׃ וַיַּכְעִיסוּהוּ בְּבָמוֹתָם
נט וּבִפְסִילֵיהֶם יַקְנִיאוּהוּ׃ שָׁמַע אֱלֹהִים וַיִּתְעַבָּר וַיִּמְאַס
ס מְאֹד בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיִּטֹּשׁ מִשְׁכַּן שִׁלוֹ אֹהֶל שִׁכֵּן בָּאָדָם׃
סא וַיִּתֵּן לַשְּׁבִי עֻזּוֹ וְתִפְאַרְתּוֹ בְיַד־צָר׃ וַיַּסְגֵּר לַחֶרֶב עַמּוֹ
סב וּבְנַחֲלָתוֹ הִתְעַבָּר׃ בַּחוּרָיו אָכְלָה־אֵשׁ וּבְתוּלֹתָיו לֹא
סג הוּלָּלוּ׃ כֹּהֲנָיו בַּחֶרֶב נָפָלוּ וְאַלְמְנֹתָיו לֹא תִבְכֶּינָה׃ וַיִּקַץ
סד סה כְּיָשֵׁן ׀ אֲדֹנָי כְּגִבּוֹר מִתְרוֹנֵן מִיָּיִן׃ וַיַּךְ צָרָיו אָחוֹר חֶרְפַּת
סו עוֹלָם נָתַן לָמוֹ׃ וַיִּמְאַס בְּאֹהֶל יוֹסֵף וּבְשֵׁבֶט אֶפְרַיִם לֹא
סז בָחָר׃ וַיִּבְחַר אֶת־שֵׁבֶט יְהוּדָה אֶת־הַר צִיּוֹן אֲשֶׁר אָהֵב׃
סח סט וַיִּבֶן כְּמוֹ־רָמִים מִקְדָּשׁוֹ כְּאֶרֶץ יְסָדָהּ לְעוֹלָם׃ וַיִּבְחַר
ע עא בְּדָוִד עַבְדּוֹ וַיִּקָּחֵהוּ מִמִּכְלְאֹת צֹאן׃ מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ
עב לִרְעוֹת בְּיַעֲקֹב עַמּוֹ וּבְיִשְׂרָאֵל נַחֲלָתוֹ׃ וַיִּרְעֵם כְּתֹם לְבָבוֹ
וּבִתְבוּנוֹת כַּפָּיו יַנְחֵם׃

## עט

א מִזְמוֹר לְאָסָף אֱלֹהִים בָּאוּ גוֹיִם ׀ בְּנַחֲלָתֶךָ טִמְּאוּ אֶת־
ב הֵיכַל קָדְשֶׁךָ שָׂמוּ אֶת־יְרוּשָׁלַםִ לְעִיִּים׃ נָתְנוּ אֶת־נִבְלַת
עֲבָדֶיךָ מַאֲכָל לְעוֹף הַשָּׁמָיִם בְּשַׂר חֲסִידֶיךָ לְחַיְתוֹ־אָרֶץ׃
ג שָׁפְכוּ דָמָם ׀ כַּמַּיִם סְבִיבוֹת יְרוּשָׁלָםִ וְאֵין קוֹבֵר׃ הָיִינוּ
ד חֶרְפָּה לִשְׁכֵנֵינוּ לַעַג וָקֶלֶס לִסְבִיבוֹתֵינוּ׃ עַד־מָה יְהוָה
ה ו תֶּאֱנַף לָנֶצַח תִּבְעַר כְּמוֹ־אֵשׁ קִנְאָתֶךָ׃ שְׁפֹךְ חֲמָתְךָ אֶל־

---

עח, סג׳ שורק עם הדגש   עט, ג׳ קמץ מרבע

ער האָט ניט פאַרמיטן פון טויט זייער זעל,
און ער האָט איבערגעענטפערט זייער לעבן צו פּעסט.
51 און ער האָט געשלאָגן יעטוועדער בכור אין מִצרַיִם,
די ערשטלינגען פון קראַפט, אין די געצעלטן פון חָם.
52 און ער האָט געמאַכט ציען ווי שאָף זיין פאָלק,
און זיי געפירט ווי אַ סטאַדע אין מדבר.
53 און ער האָט זיי באַלייט אין זיכערקייט, און זיי האָבן ניט געאַנגסט,
און זייערע פיינט האָט צוגעדעקט דער ים.
54 און ער האָט זיי געבראַכט צו זיין הייליקן געמאַרק,
צו דעם באַרג וואָס זיין רעכטע האַנט האָט זיך געשאַפן.
55 און ער האָט פאַרטריבן פון פאַר זיי פעלקער,
און זיי אויסגעוואָרפן מיט אַ מעסטשנור פאַר אַ נחלה;
און געמאַכט רוען אין זייערע געצעלטן
די שבטים פון ישׂראל.

56 אָבער זיי האָבן געפּרווט און ווידערשפּעניקט גאָט דעם אויבערשטן,
און זיינע אָנזאָגן האָבן זיי ניט געהיט.
57 און זיי האָבן זיך אָפּגעקערט און געפעלשט ווי זייערע עלטערן,
זיי זיינען פאַרקערט געוואָרן ווי אַ פאַלשער בויגן.
58 און זיי האָבן אים דערצערנט מיט זייערע בָמות,
און מיט זייערע געצן אים דערבייזערט.
59 האָט גאָט געהערט און איז אין כּעס געוואָרן,
און ער האָט זייער פאַראַכט ישׂראל.
60 און ער האָט אַוועקגעוואָרפן דעם מִשכּן פון שילוֹ,
דאָס געצעלט וואָס ער האָט געמאַכט רוען צווישן מענטשן.
61 און ער האָט געגעבן אין געפאַנגענשאַפט זיין שטאַרקייט,
און זיין פּראַכט אין דער האַנט פון פיינט.
62 און ער האָט איבערגעענטפערט צום שווערד זיין פאָלק,
און האָט אויף זיין נחלה געצערנט.
63 זייערע בָחורים האָט פאַרצערט אַ פייער,
און זייערע יונגפרויען זיינען געבליבן אָן אַ חתונה־ליד.
64 זייערע כֹּהנים זיינען געפאַלן דורכן שווערד,
און זייערע אַלמנות פלעגן צומאָל ניט באַוויינען.

65 אָבער גאָט האָט אויפגעוואַכט ווי אַ שלאָפעדיקער,
אַזוי ווי אַ גיבור וואָס ניכטערט זיך אויס פון וויין.
66 און ער האָט צוריקגעשלאָגן זיינע פיינט;
אַן אייביקע שאַנד האָט ער זיי געגעבן.
67 אָבער ער האָט פאַראַכט דאָס געצעלט פון יוסף,
און דעם שבט אפרים ניט אויסדערוויילט;
68 נאָר אויסדערוויילט דעם שבט יהודה,
דעם באַרג צִיוֹן וואָס ער האָט ליב.
69 און ער האָט געבויט ווי די הימלען זיין הייליקטום,
ווי די ערד וואָס ער האָט געגרונטפעסט אויף אייביק.
70 און ער האָט אויסדערוויילט דוד זיין קנעכט,
און אים גענומען פון די שאָפגעהעפטן.
71 פון הינטער די מילכשעפסן האָט ער אים געבראַכט
צו פיטערן יעקב זיין פאָלק,
און ישׂראל זיין אַרב.
72 און ער האָט זיי געפיטערט לויט דער ערלעכקייט פון זיין האַרצן,
און מיט דער פאַרשטאַנדיקייט פון זיינע הענט זיי געפירט.

# עט

1 אַ מִזמור פון אָסָפן.
גאָט, פעלקער זיינען געקומען אין דיין אַרב;
זיי האָבן פאַראומרייניקט דיין הייליקן טעמפּל,
זיי האָבן געמאַכט ירושָלַיִם פאַר הויפנס.
2 זיי האָבן געגעבן די טויטע לייבער פון דיינע קנעכט
פאַר שפּייז צו דעם פויגל פון הימל,
דאָס פלייש פון דיינע פרומע צו דער חיה פון דער ערד.
3 זיי האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט אַזוי ווי וואַסער, אַרום ירושָלַיִם,
און ניט געווען קיין באַגרעבער.
4 מיר זיינען געוואָרן אַ חרפה ביי אונדזערע שכנים,
אַ געלעכטער און אַ שפּאָט ביי אונדזערע אַרומיקע.
5 ביז וואַנען גאָט וועסטו צערענען נאָכאַנאַנד?
וועט ברענען ווי פייער דיין צאָרן?
6 גיס אויס דיין גרימצאָרן אויף די פעלקער

וואָס קענען דיך ניט,
און אויף די קיניגרייכן
וואָס רופן ניט דיין נאָמען.
7 וואָרום מע האָט אויפגעגעסן יעקב,
און זיין וווינונג האָבן זיי פאַרוויסט.
8 זאָלסט אונדז ניט דערמאָנען די זינד פון די פריערדיקע,
גיך זאָל אונדז אַנטקעגנקומען דיין דערבאַרימונג,
וואָרום מיר זיינען געפאַלן זייער.
9 שטיי אונדז ביי, גאָט פון אונדזער הילף,
צוליב דעם כּבוד פון דיין נאָמען,
און זיי אונדז מציל, און זיי מכפּר אויף אונדזערע זינד,
פון וועגן דיין נאָמען.
10 נאָך וואָס זאָלן זאָגן די פעלקער:
וווּ איז זייער גאָט?
זאָל באַוווּסט ווערן צווישן די פעלקער פאַר אונדזערע אויגן
די נקמה פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון דיינע קנעכט.
11 זאָל קומען פאַר דיר דאָס קרעכצן פון געפאַנגענעם,
לויט דער גרויסקייט פון דיין אָרעם לאָז לעבן די אָנגעברייטע צום טויט.
12 און קער אום אונדזערע שכנים זיבנפאַכיק אין זייער בוזעם,
זייער לעסטערונג וואָס זיי האָבן דיך געלעסטערט, גאָט.
13 און מיר, דיין פאָלק, און די שאָף פון דיין פּיטערונג,
וועלן דיר דאַנקען אויף אייביק,
אויף דור־דורות וועלן מיר דערציילן דיין לויב.

פ 1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער, אויף שושנים־עדות; פון אָספן אַ מזמור.
2 דו פאַסטוך פון ישראל, פאַרנעם;
דו וואָס פירסט אַזוי ווי שאָף יוסף,
דו וואָס זיצסט איבער די כּרובים, שיין אַרויס.
3 פאַרויס פאַר אפרים און בנימין און מנשה דערוועק דיין גבורה,
און קום אונדז צו הילף.
4 גאָט, ריכט אונדז ווידער אויף,
און דערלייכט דיין פּנים, אַז מיר זאָלן געהאָלפן ווערן.
5 יהוה דו גאָט פון צבאָות,
ביז וואַנען וועסטו צערענען אויף דער תפילה פון דיין פאָלק?
6 האָסט זיי געשפּייזט מיט ברויט פון טרערן,
און זיי געמאַכט טרינקען עמערסווייז טרערן.
7 מאַכסט אונדז צום געריידן ביי אונדזערע שכנים,
און אונדזערע שונאים לאַכן זיך אָן.
8 גאָט פון צבאָות, ריכט אונדז ווידער אויף,
און דערלייכט דיין פּנים, אַז מיר זאָלן געהאָלפן ווערן.
9 אַ ווײַנשטאָק האָסטו אַרויסגעצויגן פון מצרים,
האָסט פאַרטריבן פעלקער, און אים איינגעפלאַנצט.
10 האָסט אָפּגעראַמט פאַר אים[א],
און ער האָט איינגעוואָרצלט זיינע וואָרצלען,
און אָנגעפילט דאָס לאַנד.
11 די בערג זיינען פאַרדעקט געוואָרן פון זיין שאָטן,
און זיינע צווייגן זיינען געווען צעדערן פון גאָט.

א ווערטשפּיל: פּנית לפניה.

הַגּוֹיִם אֲשֶׁר לֹא־יְדָעוּךָ וְעַל־מַמְלָכוֹת אֲשֶׁר בְּשִׁמְךָ לֹא
ז ח קָרָאוּ׃ כִּי אָכַל אֶת־יַעֲקֹב וְאֶת־נָוֵהוּ הֵשַׁמּוּ׃ אַל־תִּזְכָּר־
לָנוּ עֲוֺנֹת רִאשֹׁנִים מַהֵר יְקַדְּמוּנוּ רַחֲמֶיךָ כִּי דַלּוֹנוּ מְאֹד׃
ט עָזְרֵנוּ ׀ אֱלֹהֵי יִשְׁעֵנוּ עַל־דְּבַר כְּבוֹד־שְׁמֶךָ וְהַצִּילֵנוּ וְכַפֵּר
י עַל־חַטֹּאתֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ׃ לָמָּה ׀ יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם אַיֵּה
אֱלֹהֵיהֶם יִוָּדַע בַּגּוֹיִם לְעֵינֵינוּ נִקְמַת דַּם־עֲבָדֶיךָ הַשָּׁפוּךְ׃
יא תָּבוֹא לְפָנֶיךָ אֶנְקַת אָסִיר כְּגֹדֶל זְרוֹעֲךָ הוֹתֵר בְּנֵי תְמוּתָה׃
יב וְהָשֵׁב לִשְׁכֵנֵינוּ שִׁבְעָתַיִם אֶל־חֵיקָם חֶרְפָּתָם אֲשֶׁר חֵרְפוּךָ
יג אֲדֹנָי׃ וַאֲנַחְנוּ עַמְּךָ ׀ וְצֹאן מַרְעִיתֶךָ נוֹדֶה לְּךָ לְעוֹלָם
לְדֹר וָדֹר נְסַפֵּר תְּהִלָּתֶךָ׃

פ

א ב לַמְנַצֵּחַ אֶל־שֹׁשַׁנִּים עֵדוּת לְאָסָף מִזְמוֹר׃ רֹעֵה יִשְׂרָאֵל ׀
ג הַאֲזִינָה נֹהֵג כַּצֹּאן יוֹסֵף יֹשֵׁב הַכְּרוּבִים הוֹפִיעָה׃ לִפְנֵי
אֶפְרַיִם ׀ וּבִנְיָמִן וּמְנַשֶּׁה עוֹרְרָה אֶת־גְּבוּרָתֶךָ וּלְכָה לִישֻׁעָתָה
ד ה לָנוּ׃ אֱלֹהִים הֲשִׁיבֵנוּ וְהָאֵר פָּנֶיךָ וְנִוָּשֵׁעָה׃ יְהוָה
ו אֱלֹהִים צְבָאוֹת עַד־מָתַי עָשַׁנְתָּ בִּתְפִלַּת עַמֶּךָ׃ הֶאֱכַלְתָּם
ז לֶחֶם דִּמְעָה וַתַּשְׁקֵמוֹ בִּדְמָעוֹת שָׁלִישׁ׃ תְּשִׂימֵנוּ מָדוֹן
ח לִשְׁכֵנֵינוּ וְאֹיְבֵינוּ יִלְעֲגוּ־לָמוֹ׃ אֱלֹהִים צְבָאוֹת הֲשִׁיבֵנוּ
ט וְהָאֵר פָּנֶיךָ וְנִוָּשֵׁעָה׃ גֶּפֶן מִמִּצְרַיִם תַּסִּיעַ תְּגָרֵשׁ גּוֹיִם
י וַתִּטָּעֶהָ׃ פִּנִּיתָ לְפָנֶיהָ וַתַּשְׁרֵשׁ שָׁרָשֶׁיהָ וַתְּמַלֵּא־אָרֶץ׃
יא יב כָּסּוּ הָרִים צִלָּהּ וַעֲנָפֶיהָ אַרְזֵי־אֵל׃ תְּשַׁלַּח קְצִירֶיהָ עַד־
יג יָם וְאֶל־נָהָר יוֹנְקוֹתֶיהָ׃ לָמָּה פָּרַצְתָּ גְדֵרֶיהָ וְאָרוּהָ כָּל־
יד עֹבְרֵי דָרֶךְ׃ יְכַרְסְמֶנָּה חֲזִיר מִיָּעַר וְזִיז שָׂדַי יִרְעֶנָּה׃
טו אֱלֹהִים צְבָאוֹת שׁוּב־נָא הַבֵּט מִשָּׁמַיִם וּרְאֵה וּפְקֹד גֶּפֶן
טז זֹאת׃ וְכַנָּה אֲשֶׁר־נָטְעָה יְמִינֶךָ וְעַל־בֵּן אִמַּצְתָּה לָּךְ׃
יז יח שְׂרֻפָה בָאֵשׁ כְּסוּחָה מִגַּעֲרַת פָּנֶיךָ יֹאבֵדוּ׃ תְּהִי־יָדְךָ עַל־
יט אִישׁ יְמִינֶךָ עַל־בֶּן־אָדָם אִמַּצְתָּ לָּךְ׃ וְלֹא־נָסוֹג מִמֶּךָּ

עט, י׳ בגוים קרי   פ, יד׳ ע׳ין תלויה   טז׳ כ׳ רבתי

12 ער האָט אַרויסגעלאָזט זיינע ריטער ביז צום ים,
און ביז צום טייך זיינע שפּראָצן.
13 פאַרוואָס האָסטו צעבראָכן זיינע צאַמען,
אַז אַלע וועגגייער זאָלן אים אָרומקלייבן?
14 דער חזיר פון וואַלד פרעסט אים אָפּ,
און די ווידמענונג פון פעלד פּיטערט זיך אויף אים.
15 גאָט פון צבאָות, קער זיך אום, איך בעט דיך,
לוג פון הימל און זע, און גיב אַכט אויפן דאָזיקן ווייַנשטאָק,
16 און באַפעסטיק דאָס וואָס דיין רעכטע האָט איינגעפלאַנצט,
און דערהייב דעם צווייג וואָס דו האָסט דיר אויסדערוויילט.
17 ער איז פון פייער פאַרברענט, ער איז אָפּגעשניטן;
פון דעם בייזער פון דיין פּנים גייען זיי אונטער.
18 זאָל דיין האַנט זיין אויף דעם מאַן פון דיין רעכטער האַנט,
אויף דעם מענטשנקינד וואָס דו האָסט דיר אויסדערוויילט,
19 אַז מיר זאָלן זיך ניט אָפּקערן פון דיר;

כ תְּחַיֵּנוּ וּבְשִׁמְךָ נִקְרָא׃ יְהוָה אֱלֹהִים צְבָאוֹת הֲשִׁיבֵנוּ
הָאֵר פָּנֶיךָ וְנִוָּשֵׁעָה׃

פא

א ב לַמְנַצֵּחַ עַל־הַגִּתִּית לְאָסָף׃ הַרְנִינוּ לֵאלֹהִים עוּזֵּנוּ הָרִיעוּ
ג לֵאלֹהֵי יַעֲקֹב׃ שְׂאוּ־זִמְרָה וּתְנוּ־תֹף כִּנּוֹר נָעִים עִם־נָבֶל׃
ד ה תִּקְעוּ בַחֹדֶשׁ שׁוֹפָר בַּכֶּסֶה לְיוֹם חַגֵּנוּ׃ כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל
ו הוּא מִשְׁפָּט לֵאלֹהֵי יַעֲקֹב׃ עֵדוּת ׀ בִּיהוֹסֵף שָׂמוֹ בְּצֵאתוֹ
ז עַל־אֶרֶץ מִצְרָיִם שְׂפַת לֹא־יָדַעְתִּי אֶשְׁמָע׃ הֲסִירוֹתִי מִסֵּבֶל
ח שִׁכְמוֹ כַּפָּיו מִדּוּד תַּעֲבֹרְנָה׃ בַּצָּרָה קָרָאתָ וָאֲחַלְּצֶךָּ
ט אֶעֶנְךָ בְּסֵתֶר רַעַם אֶבְחָנְךָ עַל־מֵי מְרִיבָה סֶלָה׃ שְׁמַע
י עַמִּי וְאָעִידָה בָּךְ יִשְׂרָאֵל אִם־תִּשְׁמַע־לִי׃ לֹא־יִהְיֶה בְךָ
יא אֵל זָר וְלֹא תִשְׁתַּחֲוֶה לְאֵל נֵכָר׃ אָנֹכִי ׀ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
יב הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם הַרְחֶב־פִּיךָ וַאֲמַלְאֵהוּ׃ וְלֹא־שָׁמַע
יג עַמִּי לְקוֹלִי וְיִשְׂרָאֵל לֹא אָבָה לִי׃ וָאֲשַׁלְּחֵהוּ בִּשְׁרִירוּת
יד לִבָּם יֵלְכוּ בְּמוֹעֲצוֹתֵיהֶם׃ לוּ עַמִּי שֹׁמֵעַ לִי יִשְׂרָאֵל
טו בִּדְרָכַי יְהַלֵּכוּ׃ כִּמְעַט אוֹיְבֵיהֶם אַכְנִיעַ וְעַל־צָרֵיהֶם אָשִׁיב
טז יז יָדִי׃ מְשַׂנְאֵי יְהוָה יְכַחֲשׁוּ־לוֹ וִיהִי עִתָּם לְעוֹלָם׃ וַיַּאֲכִילֵהוּ
מֵחֵלֶב חִטָּה וּמִצּוּר דְּבַשׁ אַשְׂבִּיעֶךָ׃

פב

א מִזְמוֹר לְאָסָף אֱלֹהִים נִצָּב בַּעֲדַת־אֵל בְּקֶרֶב אֱלֹהִים
ב יִשְׁפֹּט׃ עַד־מָתַי תִּשְׁפְּטוּ־עָוֶל וּפְנֵי רְשָׁעִים תִּשְׂאוּ־סֶלָה׃
ג ד שִׁפְטוּ־דַל וְיָתוֹם עָנִי וָרָשׁ הַצְדִּיקוּ׃ פַּלְּטוּ־דַל וְאֶבְיוֹן מִיַּד
ה רְשָׁעִים הַצִּילוּ׃ לֹא יָדְעוּ ׀ וְלֹא יָבִינוּ בַּחֲשֵׁכָה יִתְהַלָּכוּ
ו יִמּוֹטוּ כָּל־מוֹסְדֵי אָרֶץ׃ אֲנִי אָמַרְתִּי אֱלֹהִים אַתֶּם וּבְנֵי
ז עֶלְיוֹן כֻּלְּכֶם׃ אָכֵן כְּאָדָם תְּמוּתוּן וּכְאַחַד הַשָּׂרִים תִּפֹּלוּ׃
ח קוּמָה אֱלֹהִים שָׁפְטָה הָאָרֶץ כִּי־אַתָּה תִנְחַל בְּכָל־הַגּוֹיִם׃

---

פא, ב׳ שורק עם הדגש    ד׳ ה׳ במקום א׳

וָאלסט אונדז אויפלעבן, אַז מיר רופן דיין נאָמען.
20 יהוה דו גאָט פון צבָאוֹת, ריכט אונדז ווידער אויף,
דערלייכט דיין פּנים, אַז מיר זאָלן געהאָלפן ווערן.

## פא

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער, אויף גתּית; פון אָסָפן.
2 זינגט צו גאָט אונדזער שטאַרקייט,
שאַלט צו דעם גאָט פון יעקב.
3 הייבט אויף אַ געזאַנג, און שפּילט אויף אַ פּויק,
אויף אַ זיסער האַרף מיט אַ גיטאַר.
4 בלאָזט אַ שופר אום ראשחודש,
אין האַלב חודש צו אונדזער יום־טוב.
5 וואָרום דאָס איז אַ חק פאַר ישׂראל,
אַ געזעץ פון דעם גאָט פון יעקב.
6 אַן עדות אין יוסף האָט ער עס געמאַכט,
אַז ווען ער איז אַרויס אויף לאַנד מִצרַיִם,
האָב איך אַ שפּראַך מיר אומבאַקאַנט געהערט.

7 „איך האָב אָפּגעטאָן זיין רוקן פון לאַסט,
זיינע הענט זאָלן אַוועק פון דעם טראָגקאָרב.
8 האָסט גערופן אין נויט, און איך האָב דיך אַרויסגעצויגן,
איך האָב דיר געענטפערט פון דער פאַרבאָרגעניש פון דונער.
איך האָב דיך געפּרוווט ביי די וואַסערן פון מריבָה. סֶלָה.
9 הער, מיין פאָלק, און איך וועל דיך וואָרענען,
ישׂראל, ווען דו זאָלסט מיר צוהערן!
10 קיין אַנדער גאָט זאָל ניט זיין ביי דיר,
און זאָלסט זיך ניט בוקן צו קיין פרעמדן גאָט.
11 איך בין יהוה דיין גאָט,
וואָס האָט דיך אויפגעבראַכט פון לאַנד מִצרַיִם;
מאַך אויף ברייט דיין מויל
און איך וועל עס אָנפילן.״

12 אָבער מיין פאָלק האָט ניט צוגעהערט צו מיין קָול,
און ישׂראל האָט ניט איינגעוויליקט צו מיר.
13 און איך האָב אים פריי געלאָזט אין דער איינגעשפּאַרטקייט פון זיין האַרצן,
זיי זאָלן גיין לויט זייערע באַראָטן.
14 ווען מיין פאָלק וואָלט צוהערן צו מיר,
ווען ישׂראל וואָלט אין מיינע וועגן גיין!
15 איך וואָלט גיך אונטערטעניקט זייערע פיינט,
און אויף זייערע דריקער געקערט מיין האַנט.
16 די שׂונאים פון גאָט וואָלטן איינגעגאַנגען פאַר אים,
און זייער שטראָף וואָלט געווען אייביק.
17 און אים וואָלט מען געשפּייזט מיט דעם פעטס פון ווייץ;
און פון פעלז דיך וואָלט איך מיט האָניק געזעטיקט.

## פב

1 אַ מִזמור פון אָסָפן.
גאָט שטייט אין דער עדה פון גאָט,
אין מיטן פון די ריכטער טוט ער משפּטן.
2 „ביז וואַנען וועט איר משפּטן אומגערעכט,
און שוינען דעם פּנים פון די רשעים? סֶלָה.
3 טוט רעכט דעם אָרימאַן און דעם יתום,
דעם געדריקטן און דעם באַדערפטיקן מאַכט גערעכט.
4 מאַכט אַנטרינען דעם אָרימאַן און דעם אביון,
פון דער האַנט פון די רשעים זייט מציל.
5 זיי ווייסן ניט, און זיי פאַרשטייען ניט,
אין פינצטערניש גייען זיי אום;
אַלע גרונטפעסטן פון דער ערד פאַלן אום.
6 איך וואָלט געזאָגט, געטער זייט איר,
און זין פון דעם אויבערשטן זייט איר אַלע.
7 אָבער אַזוי ווי אַ מענטש וועט איר שטאַרבן,
און·ווי איינער פון די האַרן וועט איר פאַלן״.

8 שטיי אויף, גאָט, משפּט די ערד,
וואָרום אַלע פעלקער זיינען דיין אַרב.

## פג

א ב שִׁיר מִזְמוֹר לְאָסָף׃ אֱלֹהִים אַל־דֳּמִי־לָךְ אַל־תֶּחֱרַשׁ וְאַל־
ג תִּשְׁקֹט אֵל׃ כִּי־הִנֵּה אוֹיְבֶיךָ יֶהֱמָיוּן וּמְשַׂנְאֶיךָ נָשְׂאוּ רֹאשׁ׃
ד ה עַל־עַמְּךָ יַעֲרִימוּ סוֹד וְיִתְיָעֲצוּ עַל־צְפוּנֶיךָ׃ אָמְרוּ לְכוּ
ו וְנַכְחִידֵם מִגּוֹי וְלֹא־יִזָּכֵר שֵׁם־יִשְׂרָאֵל עוֹד׃ כִּי נוֹעֲצוּ לֵב
ז יַחְדָּו עָלֶיךָ בְּרִית יִכְרֹתוּ׃ אָהֳלֵי אֱדוֹם וְיִשְׁמְעֵאלִים מוֹאָב
ח ט וְהַגְרִים׃ גְּבָל וְעַמּוֹן וַעֲמָלֵק פְּלֶשֶׁת עִם־יֹשְׁבֵי צוֹר׃ גַּם־
י אַשּׁוּר נִלְוָה עִמָּם הָיוּ זְרוֹעַ לִבְנֵי־לוֹט סֶלָה׃ עֲשֵׂה־לָהֶם
יא כְּמִדְיָן כְּסִיסְרָא כְיָבִין בְּנַחַל קִישׁוֹן׃ נִשְׁמְדוּ בְעֵין־דֹּאר
יב הָיוּ דֹּמֶן לָאֲדָמָה׃ שִׁיתֵמוֹ נְדִיבֵמוֹ כְּעֹרֵב וְכִזְאֵב וּכְזֶבַח
יג וּכְצַלְמֻנָּע כָּל־נְסִיכֵמוֹ׃ אֲשֶׁר אָמְרוּ נִירְשָׁה לָּנוּ אֵת נְאוֹת
יד טו אֱלֹהִים׃ אֱלֹהַי שִׁיתֵמוֹ כַגַּלְגַּל כְּקַשׁ לִפְנֵי־רוּחַ׃ כְּאֵשׁ
טז תִּבְעַר־יָעַר וּכְלֶהָבָה תְּלַהֵט הָרִים׃ כֵּן תִּרְדְּפֵם בְּסַעֲרֶךָ
יז וּבְסוּפָתְךָ תְבַהֲלֵם׃ מַלֵּא פְנֵיהֶם קָלוֹן וִיבַקְשׁוּ שִׁמְךָ
יח יט יְהוָה׃ יֵבֹשׁוּ וְיִבָּהֲלוּ עֲדֵי־עַד וְיַחְפְּרוּ וְיֹאבֵדוּ׃ וְיֵדְעוּ כִּי־
אַתָּה שִׁמְךָ יְהוָה לְבַדֶּךָ עֶלְיוֹן עַל־כָּל־הָאָרֶץ׃

## פד

א ב לַמְנַצֵּחַ עַל־הַגִּתִּית לִבְנֵי־קֹרַח מִזְמוֹר׃ מַה־יְּדִידוֹת
ג מִשְׁכְּנוֹתֶיךָ יְהוָה צְבָאוֹת׃ נִכְסְפָה וְגַם־כָּלְתָה ׀ נַפְשִׁי
ד לְחַצְרוֹת יְהוָה לִבִּי וּבְשָׂרִי יְרַנְּנוּ אֶל אֵל־חָי׃ גַּם־צִפּוֹר ׀
מָצְאָה בַיִת וּדְרוֹר ׀ קֵן לָהּ אֲשֶׁר־שָׁתָה אֶפְרֹחֶיהָ אֶת־
ה מִזְבְּחוֹתֶיךָ יְהוָה צְבָאוֹת מַלְכִּי וֵאלֹהָי׃ אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי
ו בֵיתֶךָ עוֹד יְהַלְלוּךָ סֶּלָה׃ אַשְׁרֵי אָדָם עוֹז־לוֹ בָךְ מְסִלּוֹת
ז בִּלְבָבָם׃ עֹבְרֵי ׀ בְּעֵמֶק הַבָּכָא מַעְיָן יְשִׁיתוּהוּ גַּם־בְּרָכוֹת
ח יַעְטֶה מוֹרֶה׃ יֵלְכוּ מֵחַיִל אֶל־חָיִל יֵרָאֶה אֶל־אֱלֹהִים
ט בְּצִיּוֹן׃ יְהוָה אֱלֹהִים צְבָאוֹת שִׁמְעָה תְפִלָּתִי הַאֲזִינָה אֱלֹהֵי
י יַעֲקֹב סֶלָה׃ מָגִנֵּנוּ רְאֵה אֱלֹהִים וְהַבֵּט פְּנֵי מְשִׁיחֶךָ׃

סג, יד׳ פתח באתנח   פד, ד׳ ק׳ ונחי

---

**פג** 1 אַ געזאַנג, אַ מִזמור פון אָסָפן.
2 גאָט, ניט זיי שטיל,
זאָלסט ניט פאַרשווייגן און ניט רוען, גאָט.
3 וואָרום זע, דיינע פיינט טומלען,
און דיינע שׂונאים הייבן אויף דעם קאָפּ.
4 אַקעגן דיין פאָלק סודען זיי זיך ליסטיק,
און זיי עצהן זיך אַקעגן דיינע באַשיצטע.
5 זיי האָבן געזאָגט: קומט,
און לאָמיר זיי פאַרטיליקן פון זיין אַ פאָלק,
אַז מער זאָל ניט געדאַכט ווערן דער נאָמען ישׂראל.
6 וואָרום זיי האָבן געהאַלטן אַן עצה מיט איין האַרצן,
קעגן דיר אַ בונד טוען זיי שליסן.
7 די געצעלטן פון אֱדום, און די יִשמעאֵלים,
מואָב, און די הַגרים;
8 גבָל, און עַמון, און עַמָלֵק,
פּלֶשֶת מיט די באַוווינער פון צור.
9 אויך אַשור האָט זיך באַהעפט מיט זיי;
זיי זיינען אַן אָרעם צו די קינדער פון לוט. סֶלָה.

10 טו צו זיי אַזוי ווי צו מִדיָן,
ווי צו סיסראָן, ווי צו יָבינען ביים טייך קישוןא,
11 וואָס זיינען פאַרטיליקט געוואָרן אין עֵין־דאר,
געוואָרן ווי מיסט אויף דער ערדב.
12 מאַך זייערע אַדללייט ווי עורֵב און ווי זאֵב,
און ווי זֶבַח און ווי צַלמוּנָעג, אַלע זייערע פירשטן;
13 די וואָס זאָגן: לאָמיר ירשען פאַר אונדז
די וווינונגען פון גאָט.
14 מיין גאָט, מאַך זיי וויווירבלשטויב,
ווי שפּריי פאַרן ווינט.
15 ווי אַ פייער וואָס פאַרברענט אַ וואַלד,
און ווי אַ פלאַם וואָס צעפלאַקערט די בערג,
16 אַזוי זאָלסטו זיי נאָכיאָגן מיט דיין שטורעם,
און מיט דיין געוויטער זיי דערשרעקן.
17 פיל זייער פנים מיט שאַנד,
אַז זיי זאָלן זוכן דיין נאָמען, גאָט.
18 זאָלן זיי פאַרשעמט און דערשראָקן ווערן אויף אייביק,
און זאָלן זיי צו שאַנד ווערן און אונטערגיין.
19 און זאָלן זיי וויסן אַז דו אַליין וואָס דיין נאָמען איז יהוה,
ביסט דער העכסטער איבער דער גאַנצער ערד.

**פד** 1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער, אויף גִתִית; פון די
קינדער פון קֹרַח אַ מִזמור.
2 ווי ליב זיינען דיינע וווינונגען,
גאָט פון צבָאות!
3 מיין זעל גאַרט און גייט אויס
נאָך די הויפן פון גאָט;
מיין האַרץ און מיין לייב זינגען
צום לעבעדיקן גאָט.
4 אַפילו אַ שפּערל געפינט אַ היים,
און אַ שוואַלב אַ נעסט פאַר זיך,
וווּ זי טוט אַהין אירע יונגע,
ביי דיינע מזבחות, יהוה פון צבָאות,
מיין קיניג און מיין גאָט.
5 ווויל צו די וואָס זיצן אין דיין הויז;
תמיד וועלן זיי דיך לויבן. סֶלָה.

6 ווויל צו די מענטשן וואָס זייער שטאַרקייט איז אין דיר,
וואָס [דיינע] וועגן זיינען אין זייער האַרצן.
7 דורכגייענדיק דעם טאָל בָכאָ,
מאַכן זיי אים פאַר אַ קוואַל;
יאָ, אַ פרירעגן באַקליידט אים מיט ברכות.
8 זיי גייען פון שטאַרקייט צו שטאַרקייט,
זיי ווייזן זיך פאַר גאָט אין צִיון.

9 יהוה דו גאָט פון צבָאות, הער צו מיין תפילה,
פאַרנעם, דו גאָט פון יעקב. סֶלָה.
10 גאָט אונדזער שילד, זע,
און קוק אויף דעם פנים פון דיין געזאַלבטן.

א זע שופטים ד–ו.   ב וואָרטשפּיל: דמֹן לַאֲדָמָה.   ג זע שופטים ז–ח, 21.

יא כִּֽי טֽוֹב־י֥וֹם בַּחֲצֵרֶ֗יךָ מֵ֫אָ֥לֶף בָּחַ֗רְתִּי הִ֭סְתּוֹפֵף בְּבֵ֣ית אֱלֹהַ֑י
יב מִ֝דּ֗וּר בְּאׇהֳלֵי־רֶֽשַׁע׃ כִּ֤י שֶׁ֨מֶשׁ ׀ וּמָגֵן֮ יְהֹ֪וָ֫ה אֱלֹהִ֥ים חֵ֣ן
יג וְ֭כָבוֹד יִתֵּ֣ן יְהֹוָ֑ה לֹ֥א יִמְנַע־ט֝֗וֹב לַהֹלְכִ֥ים בְּתָמִֽים׃ יְהֹוָ֥ה
צְבָא֑וֹת אַֽשְׁרֵ֥י אָ֝דָ֗ם בֹּטֵ֥חַ בָּֽךְ׃

פה

א ב לַמְנַצֵּ֬חַ ׀ לִבְנֵי־קֹ֬רַח מִזְמֽוֹר׃ רָצִ֣יתָ יְהֹוָ֣ה אַרְצֶ֑ךָ שַׁ֝֗בְתָּ
ג שְׁב֣וּת יַעֲקֹֽב׃ נָ֭שָׂאתָ עֲוֺ֣ן עַמֶּ֑ךָ כִּסִּ֖יתָ כׇל־חַטָּאתָ֣ם סֶֽלָה׃
ד ה אָסַ֥פְתָּ כׇל־עֶבְרָתֶ֑ךָ הֱ֝שִׁיב֗וֹתָ מֵחֲר֥וֹן אַפֶּֽךָ׃ שׁ֭וּבֵנוּ אֱלֹהֵ֣י
ו יִשְׁעֵ֑נוּ וְהָפֵ֖ר כַּעַסְךָ֣ עִמָּֽנוּ׃ הַלְעוֹלָ֥ם תֶּאֱנַף־בָּ֑נוּ תִּמְשֹׁ֥ךְ
ז אַ֝פְּךָ֗ לְדֹ֣ר וָדֹֽר׃ הֲלֹא־אַ֭תָּה תָּשׁ֣וּב תְּחַיֵּ֑נוּ וְ֝עַמְּךָ֗ יִשְׂמְחוּ־
ח ט בָֽךְ׃ הַרְאֵ֣נוּ יְהֹוָ֣ה חַסְדֶּ֑ךָ וְ֝יֶשְׁעֲךָ֗ תִּתֶּן־לָֽנוּ׃ אֶשְׁמְעָ֗ה מַה־
יְדַבֵּר֮ הָאֵ֪ל ׀ יְהֹ֫וָ֥ה כִּ֤י ׀ יְדַבֵּ֬ר שָׁל֗וֹם אֶל־עַמּ֥וֹ וְאֶל־חֲסִידָ֑יו
י וְאַל־יָשׁ֥וּבוּ לְכִסְלָֽה׃ אַ֤ךְ ׀ קָר֣וֹב לִירֵאָ֣יו יִשְׁע֑וֹ לִשְׁכֹּ֖ן כָּב֣וֹד
יא יב בְּאַרְצֵֽנוּ׃ חֶסֶד־וֶאֱמֶ֥ת נִפְגָּ֑שׁוּ צֶ֖דֶק וְשָׁל֣וֹם נָשָֽׁקוּ׃ אֱ֭מֶת
יג מֵאֶ֣רֶץ תִּצְמָ֑ח וְ֝צֶ֗דֶק מִשָּׁמַ֥יִם נִשְׁקָֽף׃ גַּם־יְ֭הֹוָה יִתֵּ֣ן
יד הַטּ֑וֹב וְ֝אַרְצֵ֗נוּ תִּתֵּ֥ן יְבוּלָֽהּ׃ צֶ֭דֶק לְפָנָ֣יו יְהַלֵּ֑ךְ וְיָשֵׂ֖ם
לְדֶ֣רֶךְ פְּעָמָֽיו׃

פו

א תְּפִלָּ֗ה לְדָ֫וִ֥ד הַטֵּֽה־יְהֹוָ֣ה ׀ אׇזְנְךָ֣ עֲנֵ֑נִי כִּי־עָנִ֖י וְאֶבְי֣וֹן אָֽנִי׃
ב שָׁמְרָ֣ה נַפְשִׁי֮ כִּֽי־חָסִ֫יד אָ֥נִי הוֹשַׁ֣ע עַ֭בְדְּךָ אַתָּ֣ה אֱלֹהַ֑י
ג הַבּוֹטֵ֥חַ אֵלֶֽיךָ׃ חׇנֵּ֥נִי אֲדֹנָ֑י כִּֽי־אֵלֶ֥יךָ אֶ֝קְרָ֗א כׇּל־הַיּֽוֹם׃
ד ה שַׂ֭מֵּחַ נֶ֣פֶשׁ עַבְדֶּ֑ךָ כִּ֥י אֵלֶ֥יךָ אֲ֝דֹנָ֗י נַפְשִׁ֥י אֶשָּֽׂא׃ כִּֽי־אַתָּ֣ה
ו אֲ֭דֹנָי ט֣וֹב וְסַלָּ֑ח וְרַב־חֶ֝֗סֶד לְכׇל־קֹרְאֶֽיךָ׃ הַאֲזִ֣ינָה יְ֭הֹוָה
ז תְּפִלָּתִ֑י וְ֝הַקְשִׁ֗יבָה בְּק֣וֹל תַּחֲנוּנוֹתָֽי׃ בְּי֣וֹם צָ֭רָתִי אֶקְרָאֶ֗ךָּ
ח כִּ֣י תַעֲנֵֽנִי׃ אֵין־כָּמ֖וֹךָ בָאֱלֹהִ֥ים ׀ אֲדֹנָ֗י וְאֵ֣ין כְּֽמַעֲשֶֽׂיךָ׃
ט כׇּל־גּוֹיִ֤ם ׀ אֲשֶׁ֥ר עָשִׂ֗יתָ יָב֤וֹאוּ ׀ וְיִשְׁתַּחֲו֣וּ לְפָנֶ֣יךָ אֲדֹנָ֑י וִיכַבְּד֖וּ
י לִשְׁמֶֽךָ׃ כִּֽי־גָד֣וֹל אַ֭תָּה וְעֹשֵׂ֣ה נִפְלָא֑וֹת אַתָּ֖ה אֱלֹהִ֣ים לְבַדֶּֽךָ׃

---

פד, יא׳ סא׳ נסס   פה, ב׳ שבת קרי

11 וואָרום בעסער אַ טאָג אין דיינע הויפן
אײדער טויזנט [אַנדערשוואו];
איך וואָלט אויסגעוויילט שטיין ביים שוועל אין הויז פון מיין גאָט,
אײדער וווינען אין געצעלטן פון אומרעכט.
12 וואָרום אַ זון און אַ שילד איז גאָט יהוה,
חן און כבוד גיט יהוה;
ער פאַרמיידט ניט קיין גוטס
פון די וואָס גייען אין ערלעכקייט.
13 גאָט פון צבָאות,
וויל צו דעם מענטשן וואָס פאַרזיכערט זיך אויף דיר.

# פה

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; פון די קינדער פון קֹרַח אַ מִזמור.

2 האָסט באַוויליקט, גאָט, דיין לאַנד[א],
האָסט אומגעקערט די געפאַנגענשאַפט פון יעקב.
3 האָסט פאַרגעבן די זינד פון דיין פאָלק,
האָסט פאַרדעקט ווײערע אַלע חטאים. סֶלָה.
4 האָסט איינגעטאָן אַל דיין רוגז,
האָסט זיך אָפּגעקערט פון דיין גרימצאָרן.
5 ריכט אונדז ווידער אויף, גאָט פון אונדזער הילף,
און פאַרשטער דיין כּעס קעגן אונדז.
6 צי אויף אייביק וועסטו צערענען אויף אונדז?
וועסטו ציען דיין כּעס אויף דור־דורות?
7 צי וועסטו אונדז ניט אויפלעבן ווידער,
אַז דיין פאָלק זאָל זיך פרייען מיט דיר?
8 ווייז אונדז, גאָט, דיין חסד,
און דיין הילף זאָלסטו אונדז געבן.

9 איך הער וואָס גאָט יהוה רעדט;
פאַרוואָר, ער רעדט פריד פאַר זיין פאָלק און פאַר זיינע פרומע;
נאָר זיי זאָלן זיך ניט אומקערן צו נאַרישקייט.
10 נאָר נאָנט צו זיינע פאָרכטער איז זיין ישועה,
כּדי כּבוד זאָל רוען אין אונדזער לאַנד.
11 גענאָד און אמת האָבן זיך באַגעגנט,
גערעכטיקייט און שלום האָבן זיך צעקושט.
12 אמת שפּראָצט פון דער ערד,
און גערעכטיקייט לוגט פון הימל.
13 יאָ, גאָט וועט געבן גוטס,
און אונדזער לאַנד וועט געבן איר פרוכט.
14 גערעכטיקייט וועט גיין אים פאַרויס,
און קירעווען אין וועג זיינע טריט.

# פו

1 אַ תּפילה פון דודן.
נייג צו, גאָט, דיין אויער, ענטפער מיר,
וואָרום אָרים און באַדערפטיק בין איך.
2 באַהיט מיין זעל וואָרום איך בין פרום,
העלף, דו מיין גאָט, דיין קנעכט וואָס פאַרזיכערט זיך אויף דיר.
3 לײטזעליק מיך, גאָט,
וואָרום צו דיר רוף איך אַ גאַנצן טאָג.
4 דערפריי די זעל פון דיין קנעכט,
וואָרום צו דיר, גאָט, הייב איך אויף מיין זעל.
5 וואָרום דו, גאָט, ביסט גוט און פאַרגעביק,
און פילגענאָדיק צו אַלע וואָס רופן דיך.
6 פאַרנעם, גאָט, מיין תּפילה,
און האָרך צו דעם קָול פון מיינע געבעטן.
7 אין טאָג פון נויט רוף איך דיך,
וואָרום דו וועסט מיר ענטפערן.
8 ניטאָ אַזאַ ווי דו, יהוה, צווישן די געטער,
און ניטאָ אַזוי ווי דיינע מעשׂים.
9 אַלע פעלקער וואָס דו האָסט געמאַכט,
וועלן קומען און זיך בוקן פאַר דיר, גאָט,
און געבן כּבוד צו דיין נאָמען.
10 וואָרום גרויס ביסטו, און טוסט וווּנדער,
דו גאָט אַליין.

---

[א] וואָרטשפּיל: רָצִיתָ-אַרְצֶךָ.

¹¹ לערן מיך, גאָט, דיין וועג, איך זאָל גיין אין דיין אמת,
אייניק מיין הארץ צו פאָרכטן דיין נאָמען.
¹² איך וועל דיך לויבן, מיין גאָט, מיט מיין גאַנצן האַרצן,
און ערלעכן דיין נאָמען אויף אייביק.
¹³ וואָרום גרויס איז דיין חסד צו מיר,
און האָסט מציל געווען מיין זעל פון דער טיפער
אונטערערד.

¹⁴ גאָט, מוטוויליקע זיינען אַנגעשטאַנען אויף מיר,
און אַ באַנדע געוואַלטטוער זוכן מיין לעבן,
און ווי האַלט דיך ניט אַנטקעגן זיך.
¹⁵ אָבער דו יהוה ביסט אַ דערבאַרימדיקער און לייט־
זעליקער גאָט,
איינגעהאַלטן אין צאָרן און רייך אין גענאָד און טריי־
שאַפט.
¹⁶ קער זיך צו מיר, און לייטזעליק מיך,
גיב דיין שטאַרקייט צו דיין קנעכט,
און העלף דעם זון פון דיין דינסט.
¹⁷ מאַך מיר אַ צייכן צום גוטן,
און זאָלן זען מיינע שׂונאים און פאַרשעמט ווערן,
אַז דו גאָט האָסט מיך געהאָלפן און מיך געטרייסט.

## פז

¹ פון די קינדער פון קרח אַ מזמור; אַ ליד.
זיין גרונטפעסט איז אויף די הייליקע בערג.
² גאָט האָט ליב די טויערן פון ציון
מער פון אַלע וווינונגען פון יעקב.
³ פּראַכטיקס ווערט גערעדט פון דיר,
דו שטאָט פון גאָט. סֶלָה.
⁴ איך דערמאָן רַהַב און בָּבֶל פאַר מיינע באַקענטע;
אָט איז פְּלֶשֶׁת, און צור מיט כוש:
„דערדאָזיקער איז איר אין געבאָרן געוואָרן".
⁵ אָבער פון ציון ווערט געזאָגט:
„דער און יענער איז דאָרטן געבאָרן געוואָרן,
און דער אויבערשטער אַליין באַפעסטיקט זי".
⁶ גאָט ציילט ביים פאַרשרייבן די פעלקער:
דערדאָזיקער איז דאָרטן געבאָרן געוואָרן. סֶלָה.
⁷ יאָ, אַזוי ווי פלייטנשפּילער זינגען
אַלע מיינע אינגעווייד, פון דיר.

יא הוֹרֵנִי יְהוָה ׀ דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ יַחֵד לְבָבִי לְיִרְאָה
יב שְׁמֶךָ׃ אוֹדְךָ ׀ אֲדֹנָי אֱלֹהַי בְּכָל־לְבָבִי וַאֲכַבְּדָה שִׁמְךָ
יג לְעוֹלָם׃ כִּי־חַסְדְּךָ גָּדוֹל עָלָי וְהִצַּלְתָּ נַפְשִׁי מִשְּׁאוֹל
יד תַּחְתִּיָּה׃ אֱלֹהִים ׀ זֵדִים קָמוּ עָלַי וַעֲדַת עָרִיצִים בִּקְשׁוּ
טו נַפְשִׁי וְלֹא שָׂמוּךָ לְנֶגְדָּם׃ וְאַתָּה אֲדֹנָי אֵל־רַחוּם וְחַנּוּן
טז אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב־חֶסֶד וֶאֱמֶת׃ פְּנֵה אֵלַי וְחָנֵּנִי תְּנָה־עֻזְּךָ
יז לְעַבְדֶּךָ וְהוֹשִׁיעָה לְבֶן־אֲמָתֶךָ׃ עֲשֵׂה־עִמִּי אוֹת לְטוֹבָה
וְיִרְאוּ שֹׂנְאַי וְיֵבֹשׁוּ כִּי־אַתָּה יְהוָה עֲזַרְתַּנִי וְנִחַמְתָּנִי׃

פז

א ב לִבְנֵי־קֹרַח מִזְמוֹר שִׁיר יְסוּדָתוֹ בְּהַרְרֵי־קֹדֶשׁ׃ אֹהֵב יְהוָה
ג שַׁעֲרֵי צִיּוֹן מִכֹּל מִשְׁכְּנוֹת יַעֲקֹב׃ נִכְבָּדוֹת מְדֻבָּר בָּךְ עִיר
ד הָאֱלֹהִים סֶלָה׃ אַזְכִּיר ׀ רַהַב וּבָבֶל לְיֹדְעָי הִנֵּה פְלֶשֶׁת
ה וְצוֹר עִם־כּוּשׁ זֶה יֻלַּד־שָׁם׃ וּלְצִיּוֹן ׀ יֵאָמַר אִישׁ וְאִישׁ
ו יֻלַּד־בָּהּ וְהוּא יְכוֹנְנֶהָ עֶלְיוֹן׃ יְהוָה יִסְפֹּר בִּכְתוֹב עַמִּים
ז זֶה יֻלַּד־שָׁם סֶלָה׃ וְשָׁרִים כְּחֹלְלִים כָּל־מַעְיָנַי בָּךְ׃

פח

א שִׁיר מִזְמוֹר לִבְנֵי קֹרַח לַמְנַצֵּחַ עַל־מָחֲלַת לְעַנּוֹת מַשְׂכִּיל
ב לְהֵימָן הָאֶזְרָחִי׃ יְהוָה אֱלֹהֵי יְשׁוּעָתִי יוֹם־צָעַקְתִּי בַלַּיְלָה
ג ד נֶגְדֶּךָ׃ תָּבוֹא לְפָנֶיךָ תְּפִלָּתִי הַטֵּה־אָזְנְךָ לְרִנָּתִי׃ כִּי־
ה שָׂבְעָה בְרָעוֹת נַפְשִׁי וְחַיַּי לִשְׁאוֹל הִגִּיעוּ׃ נֶחְשַׁבְתִּי עִם־
ו יוֹרְדֵי בוֹר הָיִיתִי כְּגֶבֶר אֵין־אֱיָל׃ בַּמֵּתִים חָפְשִׁי כְּמוֹ
חֲלָלִים ׀ שֹׁכְבֵי קֶבֶר אֲשֶׁר לֹא זְכַרְתָּם עוֹד וְהֵמָּה מִיָּדְךָ
ז ח נִגְזָרוּ׃ שַׁתַּנִי בְּבוֹר תַּחְתִּיּוֹת בְּמַחֲשַׁכִּים בִּמְצֹלוֹת׃ עָלַי
ט סָמְכָה חֲמָתֶךָ וְכָל־מִשְׁבָּרֶיךָ עִנִּיתָ סֶּלָה׃ הִרְחַקְתָּ מְיֻדָּעַי
י מִמֶּנִּי שַׁתַּנִי תוֹעֵבוֹת לָמוֹ כָּלֻא וְלֹא אֵצֵא׃ עֵינִי דָאֲבָה מִנִּי
יא עֹנִי קְרָאתִיךָ יְהוָה בְּכָל־יוֹם שִׁטַּחְתִּי אֵלֶיךָ כַפָּי׃ הֲלַמֵּתִים
יב תַּעֲשֶׂה־פֶּלֶא אִם־רְפָאִים יָקוּמוּ יוֹדוּךָ סֶּלָה׃ הַיְסֻפַּר
יג בַּקֶּבֶר חַסְדֶּךָ אֱמוּנָתְךָ בָּאֲבַדּוֹן׃ הֲיִוָּדַע בַּחֹשֶׁךְ פִּלְאֶךָ

פח, יא׳ ס״א אם־רְפָאִים יָקוּמוּ ׀ יוֹדוּךָ

## פח

¹ אַ געזאַנג; אַ מזמור פון די קינדער פון קרח; פאַר דעם געזאַנגמייסטער, אויף מַחֲלַת לְעַנּוֹת; אַ באַטראַכטונג פון הֵימָן דעם אֶזרָחי.
² יהוה דו גאָט פון מיין הילף,
בעת איך שריי ביי נאַכט פאַר דיר,
³ זאָל קומען מיין תפילה פאַר דיר;
נייג דיין אויער צו מיין רוף.
⁴ וואָרום זאַט מיט אומגליקן איז מיין זעל,
און מיין לעבן האָט צו דער אונטערערד דערגרייכט.
⁵ איך ווער גערעכנט מיט גענידערטע אין גרוב,
איך בין געוואָרן ווי אַ מענטש אָן כּוח,
⁶ אַן אָפּגעזונדערטער צווישן מתים;
ווי דערשלאָגענע וואָס ליגן אין קבר,
וואָס דו דערמאָנסט זיי ניט מער,
און זיי זיינען פון דיין האַנט פאַרשניטן.
⁷ האָסט מיך אַריינגעטאָן אין דער אונטערשטער גרוב,
אין פינצטערנישן, אין טיפענישן.
⁸ אויף מיר האָט זיך אָנגעלייגט דיין גרימצאָרן,
און אַלע דיינע אינדן דריקסטו אויף מיר. סֶלָה.
⁹ האָסט דערווייטערט מיינע באַקענטע פון מיר,
האָסט מיך געמאַכט אַן אומווערדיקייט ביי זיי;
איך בין איינגעשפּאַרט און קען ניט אַרויסגיין.
¹⁰ מיין אויג שמאַכט פון פּיין;
איך האָב דיך גערופן, גאָט, אַלע טאָג,
איך האָב אויסגעשפּרייט צו דיר מיינע הענט.
¹¹ וועסטו פאַר מתים טאָן וונדער?
צי די טויטע וועלן אויפשטיין דיך לויבן? סֶלָה.
¹² וועט דערציילט ווערן אין קבר דיין חסד?
דיין טריישאַפט אין אונטערגאַנג?
¹³ וועלן באַקאַנט ווערן אין דער פינצטערניש דיינע וונדער?

וְצִדְקָתְךָ בְּאֶרֶץ נְשִׁיָּה׃ וַאֲנִי ׀ אֵלֶיךָ יְהוָה שִׁוַּעְתִּי יד
וּבַבֹּקֶר תְּפִלָּתִי תְקַדְּמֶךָּ׃ לָמָה יְהוָה תִּזְנַח נַפְשִׁי תַּסְתִּיר טו
פָּנֶיךָ מִמֶּנִּי׃ עָנִי אֲנִי וְגֹוֵעַ מִנֹּעַר נָשָׂאתִי אֵמֶיךָ אָפוּנָה׃ טז
עָלַי עָבְרוּ חֲרוֹנֶיךָ בִּעוּתֶיךָ צִמְּתוּתֻנִי׃ סַבּוּנִי כַמַּיִם כָּל־ יז יח
הַיּוֹם הִקִּיפוּ עָלַי יָחַד׃ הִרְחַקְתָּ מִמֶּנִּי אֹהֵב וָרֵעַ יט
מְיֻדָּעַי מַחְשָׁךְ׃

פט

מַשְׂכִּיל לְאֵיתָן הָאֶזְרָחִי׃ חַסְדֵי יְהוָה עוֹלָם אָשִׁירָה לְדֹר א ב
וָדֹר ׀ אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי׃ כִּי־אָמַרְתִּי עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה ג
שָׁמַיִם ׀ תָּכִן אֱמוּנָתְךָ בָהֶם׃ כָּרַתִּי בְרִית לִבְחִירִי נִשְׁבַּעְתִּי ד
לְדָוִד עַבְדִּי׃ עַד־עוֹלָם אָכִין זַרְעֶךָ וּבָנִיתִי לְדֹר־וָדוֹר ה
כִּסְאֲךָ סֶלָה׃ וְיוֹדוּ שָׁמַיִם פִּלְאֲךָ יְהוָה אַף־אֱמוּנָתְךָ ו
בִּקְהַל קְדֹשִׁים׃ כִּי מִי בַשַּׁחַק יַעֲרֹךְ לַיהוָה יִדְמֶה לַיהוָה ז
בִּבְנֵי אֵלִים׃ אֵל נַעֲרָץ בְּסוֹד־קְדֹשִׁים רַבָּה וְנוֹרָא עַל־ ח
כָּל־סְבִיבָיו׃ יְהוָה ׀ אֱלֹהֵי צְבָאוֹת מִי־כָמוֹךָ חֲסִין ׀ יָהּ ט
וֶאֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ׃ אַתָּה מוֹשֵׁל בְּגֵאוּת הַיָּם בְּשׂוֹא י
גַלָּיו אַתָּה תְשַׁבְּחֵם׃ אַתָּה דִכִּאתָ כֶחָלָל רָהַב בִּזְרוֹעַ יא
עֻזְּךָ פִּזַּרְתָּ אוֹיְבֶיךָ׃ לְךָ שָׁמַיִם אַף־לְךָ אָרֶץ תֵּבֵל וּמְלֹאָהּ יב
אַתָּה יְסַדְתָּם׃ צָפוֹן וְיָמִין אַתָּה בְרָאתָם תָּבוֹר וְחֶרְמוֹן יג
בְּשִׁמְךָ יְרַנֵּנוּ׃ לְךָ זְרוֹעַ עִם־גְּבוּרָה תָּעֹז יָדְךָ תָּרוּם יְמִינֶךָ׃ יד
צֶדֶק וּמִשְׁפָּט מְכוֹן כִּסְאֶךָ חֶסֶד וֶאֱמֶת יְקַדְּמוּ פָנֶיךָ׃ טו
אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה יְהוָה בְּאוֹר־פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן׃ טז
בְּשִׁמְךָ יְגִילוּן כָּל־הַיּוֹם וּבְצִדְקָתְךָ יָרוּמוּ׃ כִּי־תִפְאֶרֶת יז יח
עֻזָּמוֹ אָתָּה וּבִרְצוֹנְךָ תָּרִים קַרְנֵנוּ׃ כִּי לַיהוָה מָגִנֵּנוּ יט
וְלִקְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל מַלְכֵּנוּ׃ אָז דִּבַּרְתָּ בְחָזוֹן לַחֲסִידֶיךָ וַתֹּאמֶר כ
שִׁוִּיתִי עֵזֶר עַל־גִּבּוֹר הֲרִימוֹתִי בָחוּר מֵעָם׃ מָצָאתִי דָּוִד כא
עַבְדִּי בְּשֶׁמֶן קָדְשִׁי מְשַׁחְתִּיו׃ אֲשֶׁר יָדִי תִּכּוֹן עִמּוֹ אַף־ כב

פח, יד׳ פתח באתנח   פט, ב׳ בג״א ופה   יא׳ א׳ כמקום י׳   יח׳ תרום קרי

און דיין גערעכטיקייט אין לאַנד פון פאַרגעסונג?

14 אָבער איך, צו דיר, גאָט, שריי איך,
און אין פרימאָרגן קומט פאַר דיר מיין תפילה.
15 פאַרוואָס פאַרלאָזסטו, גאָט, מיין זעל?
פאַרבאָרגסטו דיין פּנים פון מיר?
16 איך בין געדריקט און גיי אַיין פון יוגנט אָן,
איך טראָג דיין אימה, איך בין צעדולט.
17 איבער מיר איז דיין גרימצאָרן אַריבער,
דיינע שרעקענישן האָבן מיך פאַרשניטן.
18 זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט ווי אַ וואַסער אַ גאַנצן טאָג,
זיי האָבן אין איינעם מיך אַרומגענומען.
19 האָסט דערווייטערט פון מיר אַ גוטן פריינט און אַ חבר,
מיין באַקענטשאַפט איז די פינצטערניש.

# פט

1 אַ באַטראַכטונג פון איתן דעם אֶזרחי.
2 די חסָדים פון גאָט וועל איך אייביק זינגען,
אויף דור־דורות וועל איך באַקאַנט מאַכן דיין טריי־
שאַפט מיט מיין מויל.
3 וואָרום איך זאָג: אויף אייביק געבויט איז די גענאָד,
די הימלען, אין זיי האָסטו באַפעסטיקט דיין טריישאַפט:
4 איך האָב געשלאָסן אַ בונד צו מיין אויסדערוויילטן,
איך האָב געשוואָרן צו דוד מיין קנעכט:
5 אויף אייביק וועל איך אויפשטעלן דיין זאָמען,
און אויף דור־דורות וועל איך אויפבויען דיין טראָן.
סֶלָה.

6 און די הימלען לויבן דיינע וווּנדער, גאָט,
אויך דיין טריישאַפט אין דער אַיינזאַמלונג פון די
הייליקע.
7 וואָרום ווער אין הימל קען זיך גלייכן צו יהוה?
ווער איז געגליכן צו יהוה צווישן די מאַכטיקע?
8 גאָט איז פאָרכטיק זייער אין דעם באַראָט פון די
הייליקע,
און מוראדיק פאַר אַלע זיינע אַרומיקע.
9 יהוה דו גאָט פון צבָאות,
ווער איז אַזוי שטאַרק ווי דו, יָה?
און דיינע געטרייע זיינען רונד אַרום דיר.
10 דו געוועלטיקסט איבער דער שטאָלצקייט פון ים,
אַז זיינע וועלן הייבן זיך, טוסט דו זיי אַיינשטילן.
11 דו האָסט צעדריקט ווי אַ דערשלאָגענעם, רַהַב,
מיט דיין שטאַרקן אָרעם האָסטו צעשפּרייט דיינע פיינט.
12 דיין איז דער הימל, דיין אויך די ערד;
די וועלט און איר פולקייט, זיי האָסט דו געגרונטפעסט.
13 צפון און דָרום–זיי האָסט דו באַשאַפן,
תָבור און חֶרמון זינגען פון דיין נאָמען.
14 דו האָסט אַן אָרעם מיט גבורה,
דיין האַנט איז שטאַרק, דיין רעכטע איז דערהויבן.
15 רעכט און גערעכטיקייט זיינען דאָס געשטעל פון דיין
טראָן,
גענאָד און אמת זיינען פאַר דיין פּנים.
16 ווויל צו דעם פאָלק וואָס ווייס [דיין] לייטזעליקייט,
וואָס גייען, גאָט, אין ליכט פון דיין פּנים.
17 מיט דיין נאָמען פרייען זיי זיך אַ גאַנצן טאָג,
און דורך דיין גערעכטיקייט ווערן זיי דערהויבן.
18 וואָרום דו ביסט די פּראַכט פון זייער שטאַרקייט,
און דורך דיין גוטוויליקייט ווערט דערהויבן אונדזער
האָרן.
19 וואָרום גאָט, ער איז אונדזער שילד,
און דער הייליקער פון ישראל, ער איז אונדזער קיניג.

20 האָסט אַמאָל אין אַ זעאונג גערעדט צו דיינע פרומע,
און האָסט געזאָגט: איך האָב אַרויפגעטאָן הילף אויף
אַ גיבור,
איך האָב דערהויבן אַן אויסדערוויילטן פון פאָלק.
21 איך האָב געפונען דוד מיין קנעכט,
איך האָב מיט מיין הייליקן אייל אים געזאַלבט;
22 אַז מיין האַנט זאָל זיין פעסט מיט אים,

כג זְרוֹעִי תְאַמְּצֶנּוּ׃ לֹא־יַשִּׁא אוֹיֵב בּוֹ וּבֶן־עַוְלָה לֹא יְעַנֶּנּוּ׃
כד כה וְכַתּוֹתִי מִפָּנָיו צָרָיו וּמְשַׂנְאָיו אֶגּוֹף׃ וֶאֱמוּנָתִי וְחַסְדִּי עִמּוֹ
כו וּבִשְׁמִי תָּרוּם קַרְנוֹ׃ וְשַׂמְתִּי בַיָּם יָדוֹ וּבַנְּהָרוֹת יְמִינוֹ׃
כז כח הוּא יִקְרָאֵנִי אָבִי אָתָּה אֵלִי וְצוּר יְשׁוּעָתִי׃ אַף־אָנִי בְּכוֹר
כט אֶתְּנֵהוּ עֶלְיוֹן לְמַלְכֵי־אָרֶץ׃ לְעוֹלָם אֶשְׁמוֹר־לוֹ חַסְדִּי
ל וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ׃ וְשַׂמְתִּי לָעַד זַרְעוֹ וְכִסְאוֹ כִּימֵי שָׁמָיִם׃
לא לב אִם־יַעַזְבוּ בָנָיו תּוֹרָתִי וּבְמִשְׁפָּטַי לֹא יֵלֵכוּן׃ אִם־חֻקֹּתַי
לג יְחַלֵּלוּ וּמִצְוֺתַי לֹא יִשְׁמֹרוּ׃ וּפָקַדְתִּי בְשֵׁבֶט פִּשְׁעָם
לד וּבִנְגָעִים עֲוֺנָם׃ וְחַסְדִּי לֹא־אָפִיר מֵעִמּוֹ וְלֹא אֲשַׁקֵּר
לה בֶּאֱמוּנָתִי׃ לֹא־אֲחַלֵּל בְּרִיתִי וּמוֹצָא שְׂפָתַי לֹא אֲשַׁנֶּה׃
לו לז אַחַת נִשְׁבַּעְתִּי בְקָדְשִׁי אִם־לְדָוִד אֲכַזֵּב׃ זַרְעוֹ לְעוֹלָם
לח יִהְיֶה וְכִסְאוֹ כַשֶּׁמֶשׁ נֶגְדִּי׃ כְּיָרֵחַ יִכּוֹן עוֹלָם וְעֵד בַּשַּׁחַק
לט נֶאֱמָן סֶלָה׃ וְאַתָּה זָנַחְתָּ וַתִּמְאָס הִתְעַבַּרְתָּ עִם־מְשִׁיחֶךָ׃
מ מא נֵאַרְתָּה בְּרִית עַבְדֶּךָ חִלַּלְתָּ לָאָרֶץ נִזְרוֹ׃ פָּרַצְתָּ כָל־
מב גְּדֵרֹתָיו שַׂמְתָּ מִבְצָרָיו מְחִתָּה׃ שַׁסֻּהוּ כָּל־עֹבְרֵי דָרֶךְ הָיָה
מג חֶרְפָּה לִשְׁכֵנָיו׃ הֲרִימוֹתָ יְמִין צָרָיו הִשְׂמַחְתָּ כָּל־אוֹיְבָיו׃
מד מה אַף־תָּשִׁיב צוּר חַרְבּוֹ וְלֹא הֲקֵמֹתוֹ בַּמִּלְחָמָה׃ הִשְׁבַּתָּ
מו מִטְּהָרוֹ וְכִסְאוֹ לָאָרֶץ מִגַּרְתָּה׃ הִקְצַרְתָּ יְמֵי עֲלוּמָיו
מז הֶעֱטִיתָ עָלָיו בּוּשָׁה סֶלָה׃ עַד־מָה יְהוָה תִּסָּתֵר לָנֶצַח
מח תִּבְעַר כְּמוֹ־אֵשׁ חֲמָתֶךָ׃ זְכָר־אֲנִי מֶה־חָלֶד עַל־מַה־שָּׁוְא
מט בָּרָאתָ כָל־בְּנֵי־אָדָם׃ מִי גֶבֶר יִחְיֶה וְלֹא יִרְאֶה־מָּוֶת יְמַלֵּט
נ נַפְשׁוֹ מִיַּד־שְׁאוֹל סֶלָה׃ אַיֵּה חֲסָדֶיךָ הָרִאשֹׁנִים ׀ אֲדֹנָי
נא נִשְׁבַּעְתָּ לְדָוִד בֶּאֱמוּנָתֶךָ׃ זְכֹר אֲדֹנָי חֶרְפַּת עֲבָדֶיךָ שְׂאֵתִי
נב בְחֵיקִי כָּל־רַבִּים עַמִּים׃ אֲשֶׁר חֵרְפוּ אוֹיְבֶיךָ ׀ יְהוָה אֲשֶׁר
נג חֵרְפוּ עִקְּבוֹת מְשִׁיחֶךָ׃ בָּרוּךְ יְהוָה לְעוֹלָם אָמֵן ׀ וְאָמֵן׃

כט׳ יתיר ו    מה׳ פתח בס״פ

און מיין אָרעם זאָל אים שטאַרקן.
23 קיין פיינט זאָל ניט מאָנען פון אים,
און קיין באַעוולער זאָל אים ניט פּייניקן.
24 און איך וועל צעשטויסן זיינע דריקער פון פאַר אים,
און זיינע שׂונאים וועל איך שלאָגן.
25 און מיין טריישאַפט און מיין חסד וועלן זיין מיט אים,
און דורך מיין נאָמען וועט דערהויבן ווערן זיין האָרן.
26 און איך וועל אַרויפטאָן אויפן ים זיין האַנט,
און אויף די טייכן זיין רעכטע.
27 ער וועט מיך רופן: מיין פאָטער ביסטו,
מיין גאָט, און דער פעלז פון מיין הילף;
28 אויך איך וועל אים מאַכן פאַרן בכור,
פאַרן העכסטן איבער די מלכים פון דער ערד.
29 אויף אייביק וועל איך אים היטן מיין חסד,
און מיין בונד וועט אים בלייבן געטריי.
30 און איך וועל אָנהאַלטן שטענדיק זיין זאָמען,
און זיין טראָן ווי די טעג פון די הימלען.
31 אַז זיינע קינדער וועלן פאַרלאָזן מיין תּורה,
און אין מיינע געזעצן וועלן זיי ניט גיין;
32 אַז מיינע חוקים וועלן זיי פאַרשוועכן,
און מיינע געבאָט וועלן זיי ניט היטן;
33 וועל איך שטראָפן מיט אַ רוט זייער פאַרברעך,
און מיט פּלאָגן זייער זינד.
34 אָבער מיין חסד וועל איך ניט פאַרשטערן פון אים,
און ניט פעלשן אָן מיין טריישאַפט.
35 איך וועל ניט פאַרשוועכן מיין בונד,
און דעם אַרויסלאָז פון מיינע ליפּן וועל איך ניט בייטן.
36 איינמאָל האָב איך געשוואָרן אין מיין הייליקייט:
אויב איך וועל פעלשן אָן דודן!
37 זיין זאָמען זאָל זיין אייביק,
און זיין טראָן ווי די זון פאַר מיר.
38 אַזוי ווי די לבנה זאָל ער אייביק באַשטיין,
און ווי דער געטרייער עדות אין הימל. סֶלָה.

39 אָבער דו האָסט פאַרלאָזן און פאַראַכט,
האָסט זיך פאַרצאָרנט אויף דיין געזאַלבטן.
40 האָסט אַוועקגעוואָרפן דעם בונד פון דיין קנעכט,
האָסט פאַרשוועכט צו דער ערד זיין קרוין.
41 האָסט צעבראָכן אַלע זיינע צאַמען,
האָסט געמאַכט פון זיינע פעסטונגען אַ תּל.
42 צערויבט האָבן אים אַלע וועגגייער,
ער איז געוואָרן אַ חרפּה ביי זיינע שכנים.
43 האָסט דערהויבן די רעכטע האַנט פון זיינע דריקער,
האָסט דערפרייט אַלע זיינע פיינט.
44 אויך האַלטסטו צוריק דעם שאַרף פון זיין שווערד,
און האָסט אים ניט געלאָזט אויפשטיין אין מלחמה.
45 האָסט פאַרשטערט זיין לויטערקייט,
און געשליידערט זיין טראָן צו דער ערד.
46 האָסט געקירצט די טעג פון זיין יוגנט,
האָסט אים מיט בושה באַדעקט. סֶלָה.

47 ביז וואַנען, גאָט, וועסטו זיך פאַרבאָרגן נאָכאַנאַנד?
וועט ברענען ווי אַ פייער דיין גרימצאָרן?
48 געדענק, וואָס איז מיין געדויער;
צו וואָס פאַר נישטיקייט דו האָסט באַשאַפן אַלע
מענטשנקינדער.
49 וואָסער מענטש קען לעבן און ניט זען דעם טויט?
מאַכן אַנטרינען זיין זעל פון דער האַנט פון דער אונטער־
ערד? סֶלָה.
50 וווּ זיינען דיינע פריערדיקע חסדים, גאָט,
וואָס דו האָסט געשוואָרן דודן אין דיין טריישאַפט?
51 געדענק, גאָט, די לעסטערונג פון דיינע קנעכט,
וואָס איך טראָג אין מיין בוזעם פון אַלדי פיל
פעלקער;
52 וואָס דיינע פיינט, גאָט, לעסטערן,
וואָס זיי לעסטערן די טריט פון דיין געזאַלבטן.

53 געלויבט איז גאָט אייביק,
אָמן און אָמן!

## ספר רביעי

### צ

א תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה אִישׁ־הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ
ב בְּדֹר וָדֹר׃ בְּטֶרֶם ׀ הָרִים יֻלָּדוּ וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל
ג וּמֵעוֹלָם עַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל׃ תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד־דַּכָּא וַתֹּאמֶר
ד שׁוּבוּ בְנֵי־אָדָם׃ כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי
ה יַעֲבֹר וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה׃ זְרַמְתָּם שֵׁנָה יִהְיוּ בַּבֹּקֶר
ו כֶּחָצִיר יַחֲלֹף׃ בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף לָעֶרֶב יְמוֹלֵל וְיָבֵשׁ׃
ז ח כִּי־כָלִינוּ בְאַפֶּךָ וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ׃ שַׁתָּ עֲוֺנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ
ט עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ׃ כִּי כָל־יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ
י שָׁנֵינוּ כְמוֹ־הֶגֶה׃ יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ ׀ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם
בִּגְבוּרֹת ׀ שְׁמוֹנִים שָׁנָה וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן כִּי גָז חִישׁ
יא יב וַנָּעֻפָה׃ מִי־יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ׃ לִמְנוֹת
יג יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע וְנָבִא לְבַב חָכְמָה׃ שׁוּבָה יְהוָה עַד־מָתָי
יד וְהִנָּחֵם עַל־עֲבָדֶיךָ׃ שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה
טו בְּכָל־יָמֵינוּ׃ שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה׃
טז יז יֵרָאֶה אֶל־עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל־בְּנֵיהֶם׃ וִיהִי ׀ נֹעַם
אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה
יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ׃

### צא

א ב יֹשֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן בְּצֵל שַׁדַּי יִתְלוֹנָן׃ אֹמַר לַיהוָה מַחְסִי
ג וּמְצוּדָתִי אֱלֹהַי אֶבְטַח־בּוֹ׃ כִּי הוּא יַצִּילְךָ מִפַּח יָקוּשׁ
ד מִדֶּבֶר הַוּוֹת׃ בְּאֶבְרָתוֹ ׀ יָסֶךְ לָךְ וְתַחַת־כְּנָפָיו תֶּחְסֶה
ה צִנָּה וְסֹחֵרָה אֲמִתּוֹ׃ לֹא תִירָא מִפַּחַד לָיְלָה מֵחֵץ יָעוּף
ו ז יוֹמָם׃ מִדֶּבֶר בָּאֹפֶל יַהֲלֹךְ מִקֶּטֶב יָשׁוּד צָהֳרָיִם׃ יִפֹּל

צ, ח׳ שתה קרי   י׳ ל״א בה״ם

## פירטער ספר

### צ

1 אַ תפילה פון משה דעם געטלעכן מאַן.
גאָט, דו ביסט אונדז געווען
אַ באַשיצונג אין אַלע דורות.
2 איידער די בערג זיינען געבאָרן געוואָרן,
און דו האָסט באַשאַפן די ערד און די וועלט,
און פון אייביקייט ביז אייביקייט,
ביסט דו גאָט.
3 ברענגסט דעם מענטשן ביז דערשלאָגנקייט,
און זאָגסט: טוט תשובה, איר מענטשנקינדער.
4 וואָרום טויזנט יאָר איז אין דיינע אויגן
ווי דער נעכטיקער טאָג, ווען ער איז פאַרגאַנגען,
און ווי אַ וואַך אין דער נאַכט.
5 שטראָמסט זיי אַוועק, ווי אַ דרעמל ווערן זיי;
אין פרימאָרגן ווי גראָז געוואַקסן,
6 אין פרימאָרגן געבליט און געוואַקסן–
צום אָוונט אָפּגעשניטן און פאַרדאַרט.

7 וואָרום מיר ווערן פאַרלענדט אין דיין כּעס,
און אין דיין גרימצאָרן ווערן מיר פאַרכאַפּט.
8 האָלטסט אונדזערע זינד אַנטקעגן דיר,
אונדזערע פאַרבאָרגענישן פאַרן ליכט פון דיין פנים.
9 וואָרום אַלע אונדזערע טעג פאַרגייען אין דיין גרימ־
צאָרן,
מיר ענדיקן אונדזערע יאָרן אַזוי ווי אַ הויך.
10 די טעג פון אונדזערע יאָרן, זיי זיינען זיבעציק יאָר,
און אַז אין גבורה, איז אַכציק יאָר;
און זייער שטאָלץ איז מאַטערניש און אומגליק;
וואָרום גיך פאַרגייט עס, און מיר פליען אַוועק.

11 ווער פאַרשטייט די מאַכט פון דיין כּעס,
אַז ווי דיין מוראדיקייט אַזוי איז דיין גרימצאָרן?
12 לערן אונדז ריכטיק צו ציילן אונדזערע טעג,
כּדי מיר זאָלן קריגן אַ האַרץ פון חכמה.

13 קער זיך אום, גאָט–ווי לאַנג נאָך?–
און דערבאַרים זיך אויף דיינע קנעכט.
14 זעטיק אונדז אין פרימאָרגן מיט דיין חסד,
כּדי מיר זאָלן זינגען און זיין פריילעך אין אַלע
אונדזערע טעג.
15 דערפריי אונדז ווי די טעג וואָס דו האָסט אונדז
געפּייניקט,
די יאָרן וואָס מיר האָבן געזען בייז.
16 זאָל באַוויזן ווערן דיין טואונג צו דיינע קנעכט,
און דיין פּראַכט אויף זייערע קינדער.
17 און זאָל די ליבלעכקייט פון יהוה אונדזער גאָט זיין
אויף אונדז;
און באַפעסטיק פאַר אונדז דאָס ווערק פון אונדזערע
הענט,
יאָ, דאָס ווערק פון אונדזערע הענט, באַפעסטיק עס.

### צא

1 דו וואָס זיצסט אין דער פאַרבאָרגעניש פון
אויבערשטן,
וואָס אין שאָטן פון אַלמאַכטיקן ווייַלסטו,
2 איך זאָג אויף יהוה, מיין באַשיצונג און מיין פעסטונג,
מיין גאָט וואָס איך פאַרזיכער זיך אויף אים,
3 אַז ער וועט דיך מציל זיין פון פויגלפאַנגערס נעץ,
פון דער פעסט פון פאַרטיליקונג.
4 מיט זיין פלעדער וועט ער דיך באַשירעמען,
און אונטער זיינע פליגלען וועסטו זיך שיצן;
אַ שילד און אַ פּאַנצער איז זיין טריישאַפט.

5 וועסט ניט מורא האָבן פאַר אַ שרעק פון דער נאַכט,
פאַר אַ פייל וואָס פליט ביי טאָג;
6 פאַר אַ פעסט וואָס גייט אום אין דער פינצטער,
פאַר אַ מגפה וואָס פאַרוויסט אין מיטן טאָג.
7 דיר פון זייט וועלן פאַלן טויזנט,

און צען טויזנט פֿון דיין רעכטער האַנט,–
צו דיר וועט עס ניט גענענען.
8 בלויז מיט דיינע אויגן וועסטו אָנקוקן,
און די בּאַצאָלונג פֿון די רשעים וועסטו זען.
9 ווייל דו [האָסט געזאָגט]: גאָט איז מיין בּאַשיצונג,
געמאַכט דעם אויבּערשטן פֿאַר דיין בּאַשירעמונג.
10 דיך וועט ניט טרעפֿן קיין בּייז,
און קיין פּלאָג וועט ניט גענענען צו דיין געצעלט.
11 וואָרום זיינע מלאָכים וועט ער בּאַפֿעלן וועגן דיר,
דיך צו היטן אין אַלע דיינע וועגן.
12 אויף די הענט וועלן זיי דיך טראָגן,
טאָמער וועסטו אָפּשלאָגן אָן אַ שטיין דיין פֿוס.
13 אויף לייבּן און פּיפּערנאָטערס וועסטו שפּרייזן,
וועסט צעטרעטן יונגלייבּן און שלענג.

14 ווייל ער האָט געגלוסט צו מיר, וועל איך אים מאַכן
אַנטרינען;
איך וועל אים דערהייכן, ווייל ער קען מיין נאָמען.
15 ער וועט מיך רופֿן, און איך וועל אים ענטפֿערן,
איך וועל זיין מיט אים אין אַ צרה,
איך וועל אים דערלייזן, און אים בּרענגען צו כּבוד.
16 מיט לאַנגע יאָרן וועל איך אים זעטן,
און וועל אים ווייזן מיין הילף.

## צב

1 אַ מִזמור; אַ געזאַנג פֿאַר דעם טאָג פֿון שבת.
2 גוט איז צו לויבּן גאָט,
און זינגען צו דיין נאָמען, דו העכסטער;
3 צו דערציילן אין פֿרימאָרגן דיין חסד
און דיין טריישאַפֿט אין די נעכט,
4 אויף אַ צענסטרונע און אויף אַ גיטאַר,
מיט פֿאַרטראַכטונג אויף דער האַרף.
5 וואָרום האָסט מיך דערפֿרייט, גאָט, מיט דיין ווערק,
איך זינג וועגן די מעשׂים פֿון דיינע הענט.
6 ווי גרויס זיינען דיינע מעשׂים, גאָט!
טיף בּיז גאָר זיינען דיינע טראַכטונגען.
7 דער בּהמישער מענטש ווייס ניט,
און דער נאַר פֿאַרשטייט דאָס ניט.
8 אַז די רשעים שפּראָצן ווי גראָז,
און עס בּליען אַלע טוער פֿון אומרעכט,
איז דאָס כּדי זיי זאָלן פֿאַרטיליקט ווערן אויף אייבּיק.
9 אָבּער דו בּיסט דערהויבּן
אויף אייבּיק, גאָט.
10 וואָרום אָט דיינע פֿיינט, גאָט,
וואָרום אָט דיינע פֿיינט וועלן אונטערגיין,
צעשפּרייט וועלן ווערן אַלע טוער פֿון אומרעכט.
11 און האָסט דערהייכט ווי בּיי אַ ווילדטירא מיין האָרן;
איך האָבּ מיך בּאַזאַלבּט מיט פֿרישן אייל.
12 און מיין אויג האָט זיך אָנגעזען אויף מיינע לויערער;
אויף די שלעכטסטוער וואָס שטייען אָן אויף מיר,
הערן מיינע אויערן זיך אָן.

13 דער צדיק וועט בּליען ווי אַ טייטלבּוים,
ווי אַ צעדערבּוים אין לבָנון וועט ער וואַקסן.
14 אַיינגעפֿלאַנצט אין הויז פֿון יהוה,
אין די הויפֿן פֿון אונדזער גאָט וועלן זיי בּליען.

א וואָרטשפּיל: נתָּרם כּרְאֵים.

ח מִצִּדְּךָ ׀ אֶלֶף וּרְבָבָה מִימִינֶךָ אֵלֶיךָ לֹא יִגָּשׁ׃ רַק בְּעֵינֶיךָ
ט תַבִּיט וְשִׁלֻּמַת רְשָׁעִים תִּרְאֶה׃ כִּי־אַתָּה יְהוָה מַחְסִי
י עֶלְיוֹן שַׂמְתָּ מְעוֹנֶךָ׃ לֹא־תְאֻנֶּה אֵלֶיךָ רָעָה וְנֶגַע לֹא־יִקְרַב
יא בְּאָהֳלֶךָ׃ כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה־לָּךְ לִשְׁמָרְךָ בְּכָל־דְּרָכֶיךָ׃
יב יג עַל־כַּפַּיִם יִשָּׂאוּנְךָ פֶּן־תִּגֹּף בָּאֶבֶן רַגְלֶךָ׃ עַל־שַׁחַל וָפֶתֶן
יד תִּדְרֹךְ תִּרְמֹס כְּפִיר וְתַנִּין׃ כִּי בִי חָשַׁק וַאֲפַלְּטֵהוּ אֲשַׂגְּבֵהוּ
טו כִּי־יָדַע שְׁמִי׃ יִקְרָאֵנִי ׀ וְאֶעֱנֵהוּ עִמּוֹ אָנֹכִי בְצָרָה אֲחַלְּצֵהוּ
טז וַאֲכַבְּדֵהוּ׃ אֹרֶךְ יָמִים אַשְׂבִּיעֵהוּ וְאַרְאֵהוּ בִּישׁוּעָתִי׃

## צב

א ב מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת׃ טוֹב לְהֹדוֹת לַיהוָה וּלְזַמֵּר
ג לְשִׁמְךָ עֶלְיוֹן׃ לְהַגִּיד בַּבֹּקֶר חַסְדֶּךָ וֶאֱמוּנָתְךָ בַּלֵּילוֹת׃
ד ה עֲלֵי־עָשׂוֹר וַעֲלֵי־נָבֶל עֲלֵי הִגָּיוֹן בְּכִנּוֹר׃ כִּי שִׂמַּחְתַּנִי
ו יְהוָה בְּפָעֳלֶךָ בְּמַעֲשֵׂי יָדֶיךָ אֲרַנֵּן׃ מַה־גָּדְלוּ מַעֲשֶׂיךָ יְהוָה
ז מְאֹד עָמְקוּ מַחְשְׁבֹתֶיךָ׃ אִישׁ בַּעַר לֹא יֵדָע וּכְסִיל לֹא־
ח יָבִין אֶת־זֹאת׃ בִּפְרֹחַ רְשָׁעִים ׀ כְּמוֹ עֵשֶׂב וַיָּצִיצוּ כָּל־פֹּעֲלֵי
ט י אָוֶן לְהִשָּׁמְדָם עֲדֵי־עַד׃ וְאַתָּה מָרוֹם לְעֹלָם יְהוָה׃ כִּי הִנֵּה
אֹיְבֶיךָ יְהוָה כִּי־הִנֵּה אֹיְבֶיךָ יֹאבֵדוּ יִתְפָּרְדוּ כָּל־פֹּעֲלֵי
יא יב אָוֶן׃ וַתָּרֶם כִּרְאֵים קַרְנִי בַּלֹּתִי בְּשֶׁמֶן רַעֲנָן׃ וַתַּבֵּט עֵינִי
יג בְּשׁוּרָי בַּקָּמִים עָלַי מְרֵעִים תִּשְׁמַעְנָה אָזְנָי׃ צַדִּיק כַּתָּמָר
יד יִפְרָח כְּאֶרֶז בַּלְּבָנוֹן יִשְׂגֶּה׃ שְׁתוּלִים בְּבֵית יְהוָה בְּחַצְרוֹת
טו אֱלֹהֵינוּ יַפְרִיחוּ׃ עוֹד יְנוּבוּן בְּשֵׂיבָה דְּשֵׁנִים וְרַעֲנַנִּים יִהְיוּ׃
טז לְהַגִּיד כִּי־יָשָׁר יְהוָה צוּרִי וְלֹא־עַלְתָה בּוֹ׃

## צג

א יְהוָה מָלָךְ גֵּאוּת לָבֵשׁ לָבֵשׁ יְהוָה עֹז הִתְאַזָּר אַף־תִּכּוֹן
ב ג תֵּבֵל בַּל־תִּמּוֹט׃ נָכוֹן כִּסְאֲךָ מֵאָז מֵעוֹלָם אָתָּה׃ נָשְׂאוּ
נְהָרוֹת ׀ יְהוָה נָשְׂאוּ נְהָרוֹת קוֹלָם יִשְׂאוּ נְהָרוֹת דָּכְיָם׃
ד מִקֹּלוֹת ׀ מַיִם רַבִּים אַדִּירִים מִשְׁבְּרֵי־יָם אַדִּיר בַּמָּרוֹם

צב, טז׳ עלתה קרי   צג, א׳ כולו קמץ

15 זיי וועלן נאָך שפּראָצן אין גראָער עלטער,
פֿעט און זאַפֿטיק וועלן זיי זיין;
16 צו דערציילן אַז גאָט איז רעכטפֿאַרטיק,
מיין פֿעלז וואָס קיין אומרעכט איז אין אים ניטאָ.

## צג

1 גאָט טוט קיניגן;
ער האָט זיך מיט גרויסקייט בּאַקליידט;
גאָט האָט זיך אָנגעקליידט,
מיט שטאַרקייט זיך אָנגעגורט;
אויך איז בּאַפֿעסטיקט די וועלט,
זי זאָל זיך ניט וואַקלען.
2 פֿעסט שטייט דיין טראָן פֿון אַמאָל,
פֿון אייבּיק אָן בּיסטו.
3 די טייכן, גאָט, האָבּן אויפֿגעהויבּן,
די טייכן האָבּן אויפֿגעהויבּן זייער קָול;
די טייכן הייבּן אויף זייער גערויש.
4 מער פֿון די קָולות פֿון וואַסערן גרויסע,
פֿון מאַכטיקע אינדן פֿון ים,
איז מאַכטיק גאָט אין דער הייך.

ה יְהוָה: עֵדֹתֶיךָ ׀ נֶאֶמְנוּ מְאֹד לְבֵיתְךָ נַאֲוָה־קֹדֶשׁ יְהוָה
לְאֹרֶךְ יָמִים׃

צד

א ב אֵל־נְקָמוֹת יְהוָה אֵל נְקָמוֹת הוֹפִיעַ׃ הִנָּשֵׂא שֹׁפֵט הָאָרֶץ
ג הָשֵׁב גְּמוּל עַל־גֵּאִים׃ עַד־מָתַי רְשָׁעִים ׀ יְהוָה עַד־מָתַי
ד רְשָׁעִים יַעֲלֹזוּ׃ יַבִּיעוּ יְדַבְּרוּ עָתָק יִתְאַמְּרוּ כָּל־פֹּעֲלֵי אָוֶן׃
ה ו עַמְּךָ יְהוָה יְדַכְּאוּ וְנַחֲלָתְךָ יְעַנּוּ׃ אַלְמָנָה וְגֵר יַהֲרֹגוּ
ז וִיתוֹמִים יְרַצֵּחוּ׃ וַיֹּאמְרוּ לֹא יִרְאֶה־יָּהּ וְלֹא־יָבִין אֱלֹהֵי
ח ט יַעֲקֹב׃ בִּינוּ בֹּעֲרִים בָּעָם וּכְסִילִים מָתַי תַּשְׂכִּילוּ׃ הֲנֹטַע
י אֹזֶן הֲלֹא יִשְׁמָע אִם־יֹצֵר עַיִן הֲלֹא יַבִּיט׃ הֲיֹסֵר גּוֹיִם הֲלֹא
יא יוֹכִיחַ הַמְלַמֵּד אָדָם דָּעַת׃ יְהוָה יֹדֵעַ מַחְשְׁבוֹת אָדָם כִּי
יב הֵמָּה הָבֶל׃ אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר אֲשֶׁר־תְּיַסְּרֶנּוּ יָּהּ וּמִתּוֹרָתְךָ
יג תְלַמְּדֶנּוּ׃ לְהַשְׁקִיט לוֹ מִימֵי רָע עַד יִכָּרֶה לָרָשָׁע שָׁחַת׃
יד טו כִּי ׀ לֹא־יִטֹּשׁ יְהוָה עַמּוֹ וְנַחֲלָתוֹ לֹא יַעֲזֹב׃ כִּי־עַד־צֶדֶק
טז יָשׁוּב מִשְׁפָּט וְאַחֲרָיו כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב׃ מִי־יָקוּם לִי עִם־
יז מְרֵעִים מִי־יִתְיַצֵּב לִי עִם־פֹּעֲלֵי אָוֶן׃ לוּלֵי יְהוָה עֶזְרָתָה
יח לִּי כִּמְעַט ׀ שָׁכְנָה דוּמָה נַפְשִׁי׃ אִם־אָמַרְתִּי מָטָה רַגְלִי
יט חַסְדְּךָ יְהוָה יִסְעָדֵנִי׃ בְּרֹב שַׂרְעַפַּי בְּקִרְבִּי תַּנְחוּמֶיךָ
כ יְשַׁעַשְׁעוּ נַפְשִׁי׃ הַיְחָבְרְךָ כִּסֵּא הַוּוֹת יֹצֵר עָמָל עֲלֵי־חֹק׃
כא כב יָגוֹדּוּ עַל־נֶפֶשׁ צַדִּיק וְדָם נָקִי יַרְשִׁיעוּ׃ וַיְהִי יְהוָה לִי
כג לְמִשְׂגָּב וֵאלֹהַי לְצוּר מַחְסִי׃ וַיָּשֶׁב עֲלֵיהֶם ׀ אֶת־אוֹנָם
וּבְרָעָתָם יַצְמִיתֵם יַצְמִיתֵם יְהוָה אֱלֹהֵינוּ׃

צה

א ב לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהוָה נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ׃ נְקַדְּמָה פָנָיו
ג בְּתוֹדָה בִּזְמִרוֹת נָרִיעַ לוֹ׃ כִּי אֵל גָּדוֹל יְהוָה וּמֶלֶךְ גָּדוֹל
ד עַל־כָּל־אֱלֹהִים׃ אֲשֶׁר בְּיָדוֹ מֶחְקְרֵי־אָרֶץ וְתוֹעֲפוֹת הָרִים
ה ו לוֹ׃ אֲשֶׁר־לוֹ הַיָּם וְהוּא עָשָׂהוּ וְיַבֶּשֶׁת יָדָיו יָצָרוּ׃ בֹּאוּ
ז נִשְׁתַּחֲוֶה וְנִכְרָעָה נִבְרְכָה לִפְנֵי־יְהוָה עֹשֵׂנוּ׃ כִּי הוּא

צד, כא׳ חולם מלא עם הדגש

5 דיינע אָנזאָגן זיינען זיכער ביז גאָר;
פאַר דיין הויז פּאַסט זיך הייליקייט, גאָט,
אויף אייביקע טעג.

## צד

1 יהוה דו גאָט פון נקמות,
גאָט פון נקמות, שײַן אַרויס!
2 דערהייב זיך, דו ריכטער פון דער ערד,
קער אום פאַרגעלטונג צו די שטאָלצע.
3 ביז וואַנען וועלן די רשעים, גאָט,
ביז וואַנען וועלן די רשעים זיך פרייען?
4 זיי גאַוערן, זיי רעדן פאַרשייט,
זיי רימען זיך, אַלע טוער פון אומרעכט.
5 דיין פאָלק, גאָט, צעדריקן זיי,
און זיי פּייניקן דיין אַרב.
6 די אַלמנה און דעם פרעמדן הרגען זיי,
און יתומים טייטן זיי.
7 און זיי זאָגן: יָה וועט ניט זען,
און דער גאָט פון יעקב וועט ניט מערקן.

8 באַטראַכט, איר פאַרגרעבטע אין פאָלק[א],
און איר נאַרן, ווען וועט איר קלוג ווערן?
9 דער וואָס פלאַנצט דאָס אויער, צי וועט ער ניט הערן?
דער וואָס פורעמט דאָס אויג, צי וועט ער ניט זען?
10 דער וואָס וואָרנט די פעלקער, צי וועט ער ניט שטראָפן?
ער וואָס לערנט דעם מענטשן וויסן.
11 גאָט ווייס די מחשבות פון דעם מענטשן,
אַז זיי זיינען נישטיק.

12 וואויל צו דעם מאַן וואָס דו מוסרסט אים, גאָט,
און פון דיין תורה טוסטו אים לערנען;
13 כדי אים צו באַרוען אין טעג פון בייז,
ביז אַ גרוב וועט געגראָבן ווערן פאַרן רשע.
14 וואָרום גאָט וועט ניט אַוועקוואַרפן זיין פאָלק,
און זיין אַרב ניט פאַרלאָזן.
15 וואָרום צום גערעכטן וועט זיך אומקערן דאָס רעכט,
און נאָך אים וועלן גיין אַלע רעכטפאַרטיקע הערצער.
16 ווער וועט אויפשטיין פאַר מיר אַקעגן די שלעכטסטוער?
ווער וועט זיך שטעלן פאַר מיר אַקעגן די טוער פון אומרעכט?
17 ווען ניט גאָט וואָלט מיר אַ הילף געווען,
וואָלט שיר גערוט אין שטילן קבר מיין זעל.
18 ווען איך זאָג: מיין פוס גליטשט זיך אויס,
לענט מיך אונטער, גאָט, דיין חסד.
19 בײַ מיינע פיל זאָרגענישן אין מיר,
קוויקן דיינע טרייסטונגען מיין זעל.

20 קען זיך חברן צו דיר דער טראָן פון פאַרברעכן,
וואָס פורעמט אומגליק דורך געזעץ?
21 זיי קלייבן זיך אויף דעם נפש פון צדיק,
און אומשולדיק בלוט פאַרמשפטן זיי.
22 אָבער יהוה איז מיר געווען פאַר אַ פעסטונג,
און מיין גאָט צום פעלז פון מיין באַשיצונג.
23 און ער האָט אומגעקערט אויף זיי זייער אומרעכט,
און דורך זייער בייז טוט ער זיי פאַרשניידן;
פאַרשניידן טוט זיי יהוה אונדזער גאָט.

## צה

1 קומט, לאָמיר זינגען צו גאָט,
לאָמיר שאַלן צום פעלז פון אונדזער הילף.
2 לאָמיר קומען פאַר זיין פּנים מיט דאַנק,
מיט געזאַנגען לאָמיר שאַלן צו אים.
3 וואָרום אַ גרויסער גאָט איז יהוה,
און אַ גרויסער מלך איבער אַלע געטער,
4 וואָס אין זיין האַנט זיינען די גרונטן פון דער ערד,
און די הייכן פון די בערג זיינען זיינע;
5 וואָס דער ים איז זיינער, און ער האָט אים געמאַכט;
און די יבשה האָבן געפורעמט זיינע הענט.
6 קומט, לאָמיר זיך בוקן און בייגן,
לאָמיר קניען פאַר יהוה אונדזער באַשעפער.
7 וואָרום ער איז אונדזער גאָט,

א וואָרטשפּיל: בּינו בּערים בּעם.

אֱלֹהֵינוּ וַאֲנַחְנוּ עַם מַרְעִיתוֹ וְצֹאן יָדוֹ הַיּוֹם אִם־בְּקֹלוֹ
ח תִשְׁמָעוּ: אַל־תַּקְשׁוּ לְבַבְכֶם כִּמְרִיבָה כְּיוֹם מַסָּה
ט בַּמִּדְבָּר: אֲשֶׁר נִסּוּנִי אֲבוֹתֵיכֶם בְּחָנוּנִי גַּם־רָאוּ פָעֳלִי:
י אַרְבָּעִים שָׁנָה | אָקוּט בְּדוֹר וָאֹמַר עַם תֹּעֵי לֵבָב הֵם
יא וְהֵם לֹא־יָדְעוּ דְרָכָי: אֲשֶׁר־נִשְׁבַּעְתִּי בְאַפִּי אִם־יְבֹאוּן
אֶל־מְנוּחָתִי:

## צו

א ב שִׁירוּ לַיהוָה שִׁיר חָדָשׁ שִׁירוּ לַיהוָה כָּל־הָאָרֶץ: שִׁירוּ
ג לַיהוָה בָּרְכוּ שְׁמוֹ בַּשְּׂרוּ מִיּוֹם לְיוֹם יְשׁוּעָתוֹ: סַפְּרוּ
ד בַגּוֹיִם כְּבוֹדוֹ בְּכָל־הָעַמִּים נִפְלְאוֹתָיו: כִּי גָדוֹל יְהוָה
ה וּמְהֻלָּל מְאֹד נוֹרָא הוּא עַל־כָּל־אֱלֹהִים: כִּי | כָּל־אֱלֹהֵי
ו הָעַמִּים אֱלִילִים וַיהוָה שָׁמַיִם עָשָׂה: הוֹד־וְהָדָר לְפָנָיו
ז עֹז וְתִפְאֶרֶת בְּמִקְדָּשׁוֹ: הָבוּ לַיהוָה מִשְׁפְּחוֹת עַמִּים הָבוּ
ח לַיהוָה כָּבוֹד וָעֹז: הָבוּ לַיהוָה כְּבוֹד שְׁמוֹ שְׂאוּ־מִנְחָה
ט וּבֹאוּ לְחַצְרוֹתָיו: הִשְׁתַּחֲווּ לַיהוָה בְּהַדְרַת־קֹדֶשׁ חִילוּ
י מִפָּנָיו כָּל־הָאָרֶץ: אִמְרוּ בַגּוֹיִם | יְהוָה מָלָךְ אַף־תִּכּוֹן תֵּבֵל
יא בַּל־תִּמּוֹט יָדִין עַמִּים בְּמֵישָׁרִים: יִשְׂמְחוּ הַשָּׁמַיִם וְתָגֵל
יב הָאָרֶץ יִרְעַם הַיָּם וּמְלֹאוֹ: יַעֲלֹז שָׂדַי וְכָל־אֲשֶׁר־בּוֹ אָז
יג יְרַנְּנוּ כָּל־עֲצֵי־יָעַר: לִפְנֵי יְהוָה | כִּי בָא כִּי בָא לִשְׁפֹּט הָאָרֶץ
יִשְׁפֹּט־תֵּבֵל בְּצֶדֶק וְעַמִּים בֶּאֱמוּנָתוֹ:

## צז

א ב יְהוָה מָלָךְ תָּגֵל הָאָרֶץ יִשְׂמְחוּ אִיִּים רַבִּים: עָנָן וַעֲרָפֶל
ג סְבִיבָיו צֶדֶק וּמִשְׁפָּט מְכוֹן כִּסְאוֹ: אֵשׁ לְפָנָיו תֵּלֵךְ
ד וּתְלַהֵט סָבִיב צָרָיו: הֵאִירוּ בְרָקָיו תֵּבֵל רָאֲתָה וַתָּחֵל
ה הָאָרֶץ: הָרִים כַּדּוֹנַג נָמַסּוּ מִלִּפְנֵי יְהוָה מִלִּפְנֵי אֲדוֹן כָּל־
ו הָאָרֶץ: הִגִּידוּ הַשָּׁמַיִם צִדְקוֹ וְרָאוּ כָל־הָעַמִּים כְּבוֹדוֹ:
ז יֵבֹשׁוּ | כָּל־עֹבְדֵי פֶסֶל הַמִּתְהַלְלִים בָּאֱלִילִים הִשְׁתַּחֲווּ־לוֹ

---

צו, י׳ כולו קמץ   צז, א׳ כולו קמץ   ג׳ ס"א ותלהט סביב

און מיר דאָס פאָלק פון זיין פיטערונג,
און די שאָף פון זיין האַנט;
ווען איר וואָלט היינט צוהערן צו זיין קול!
8 מאַכט ניט האַרט אייער האַרץ ווי ביי מריבָה,
ווי אין טאָג פון מַסָה אין דער מדבר,
9 בעת אייערע עלטערן האָבן מיך געפּרוווט,
מיך פּראָבירט, הגם זיי האָבן געזען מיין ווערק.
10 פערציק יאָר האָב איך מיך געעקלט מיטן דור,
און האָב געזאָגט: אַ פאָלק מיט פאַרפירטע הערצער זיינען זיי,
און זיי ווייסן ניט מיינע וועגן;
11 וואָס דרום האָב איך געשוואָרן אין מיין צאָרן,
אויב זיי וועלן קומען אין מיין רואונג!

## צו

1 זינגט צו גאָט אַ ניי געזאַנג,
זינגט צו גאָט, די גאַנצע ערד.
2 זינגט צו גאָט, בענטשט זיין נאָמען,
זאָגט אָן פון טאָג צו טאָג זיין ישועה.
3 דערציילט צווישן די פעלקער זיין כבוד,
צווישן אַלע אומות זיינע וווּנדער.
4 וואָרום גרויס איז יהוה, און זייער געלויבט,
ער איז פאָרכטיק איבער אַלע געטער;
5 וואָרום די געטער פון אַלע פעלקער זיינען נישטיק,
און יהוה האָט די הימלען געמאַכט.
6 גלאַנץ און שיינקייט זיינען פאַר זיין פּנים,
שטאַרקייט און פּראַכט אין זיין הייליקטום.

7 גיט צו גאָט, איר משפּחות פון די פעלקער,
גיט צו גאָט כבוד און שטאַרקייט.
8 גיט צו גאָט דעם כבוד פון זיין נאָמען,
ברענגט אַ געשאַנק, און קומט אין זיינע הויפן.
9 בוקט זיך צו גאָט מיט הייליקן אָפּשיי,
ציטערט פאַר אים, די גאַנצע ערד.

10 זאָגט צווישן די פעלקער: גאָט טוט קיניגן;
אויך איז באַפעסטיקט די וועלט, זי זאָל זיך ניט וואַקלען,
ער וועט משפּטן די פעלקער מיט יושר.
11 זאָלן זיך פרייען די הימלען, און זאָל לוסטיק זיין די ערד,
זאָל דונערן דער ים מיט זיין פולקייט.
12 זאָל פריילעך זיין דאָס פעלד און אַלץ וואָס דערין;
דענסמאָל זאָלן זינגען אַלע ביימער פון וואַלד;
13 פאַר גאָט, וואָרום ער קומט,
וואָרום ער קומט משפּטן די ערד;
ער וועט משפּטן די וועלט מיט גערעכטיקייט,
און די פעלקער מיט זיין וואָרהאַפטיקייט.

## צז

1 גאָט טוט קיניגן, זאָל לוסטיק זיין די ערד,
זאָלן זיך פרייען די פיל אינדזלען.
2 וואָלקן און נעבל זיינען אַרום אים,
רעכט און גערעכטיקייט דאָס געשטעל פון זיין טראָן.
3 אַ פייער גייט אים פאַרויס,
און פאַרברענט רונד אַרום זיינע פיינט.
4 זיינע בליצן באַלייכטן די וועלט;
עס זעט די ערד, און זי ציטערט.
5 די בערג צעגייען ווי וואַקס פאַר גאָט,
פאַר דעם האַר פון דער גאַנצער ערד.
6 די הימלען דערציילן זיין גערעכטיקייט,
און אַלע פעלקער זעען זיין כבוד.

7 צו שאַנד ווערן אַלע געצנדינער,
וואָס רימען זיך מיט נישטיקייטן;
עס בוקן זיך צו אים אַלע געטער.

ח כָּל־אֱלֹהִים׃ שָׁמְעָה וַתִּשְׂמַח ׀ צִיּוֹן וַתָּגֵלְנָה בְּנוֹת יְהוּדָה
ט לְמַעַן מִשְׁפָּטֶיךָ יְהוָה׃ כִּי־אַתָּה יְהוָה עֶלְיוֹן עַל־כָּל־
י הָאָרֶץ מְאֹד נַעֲלֵיתָ עַל־כָּל־אֱלֹהִים׃ אֹהֲבֵי יְהוָה שִׂנְאוּ
יא רָע שֹׁמֵר נַפְשׁוֹת חֲסִידָיו מִיַּד רְשָׁעִים יַצִּילֵם׃ אוֹר זָרֻעַ
יב לַצַּדִּיק וּלְיִשְׁרֵי־לֵב שִׂמְחָה׃ שִׂמְחוּ צַדִּיקִים בַּיהוָה וְהוֹדוּ
לְזֵכֶר קָדְשׁוֹ׃

צח

א מִזְמוֹר שִׁירוּ לַיהוָה ׀ שִׁיר חָדָשׁ כִּי־נִפְלָאוֹת עָשָׂה הוֹשִׁיעָה־
ב לּוֹ יְמִינוֹ וּזְרוֹעַ קָדְשׁוֹ׃ הוֹדִיעַ יְהוָה יְשׁוּעָתוֹ לְעֵינֵי הַגּוֹיִם
ג גִּלָּה צִדְקָתוֹ׃ זָכַר חַסְדּוֹ ׀ וֶאֱמוּנָתוֹ לְבֵית יִשְׂרָאֵל רָאוּ
ד כָל־אַפְסֵי־אָרֶץ אֵת יְשׁוּעַת אֱלֹהֵינוּ׃ הָרִיעוּ לַיהוָה כָּל־
ה הָאָרֶץ פִּצְחוּ וְרַנְּנוּ וְזַמֵּרוּ׃ זַמְּרוּ לַיהוָה בְּכִנּוֹר בְּכִנּוֹר
ו וְקוֹל זִמְרָה׃ בַּחֲצֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר הָרִיעוּ לִפְנֵי ׀ הַמֶּלֶךְ
ז ח יְהוָה׃ יִרְעַם הַיָּם וּמְלֹאוֹ תֵּבֵל וְיֹשְׁבֵי בָהּ׃ נְהָרוֹת יִמְחֲאוּ־
ט כָף יַחַד הָרִים יְרַנֵּנוּ׃ לִפְנֵי יְהוָה כִּי בָא לִשְׁפֹּט הָאָרֶץ
יִשְׁפֹּט־תֵּבֵל בְּצֶדֶק וְעַמִּים בְּמֵישָׁרִים׃

צט

א ב יְהוָה מָלָךְ יִרְגְּזוּ עַמִּים יֹשֵׁב כְּרוּבִים תָּנוּט הָאָרֶץ׃ יְהוָה
ג בְּצִיּוֹן גָּדוֹל וְרָם הוּא עַל־כָּל־הָעַמִּים׃ יוֹדוּ שִׁמְךָ גָּדוֹל
ד וְנוֹרָא קָדוֹשׁ הוּא׃ וְעֹז מֶלֶךְ מִשְׁפָּט אָהֵב אַתָּה כּוֹנַנְתָּ
ה מֵישָׁרִים מִשְׁפָּט וּצְדָקָה בְּיַעֲקֹב ׀ אַתָּה עָשִׂיתָ׃ רוֹמְמוּ
ו יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וְהִשְׁתַּחֲווּ לַהֲדֹם רַגְלָיו קָדוֹשׁ הוּא׃ מֹשֶׁה
וְאַהֲרֹן ׀ בְּכֹהֲנָיו וּשְׁמוּאֵל בְּקֹרְאֵי שְׁמוֹ קֹרְאִים אֶל־יְהוָה
ז וְהוּא יַעֲנֵם׃ בְּעַמּוּד עָנָן יְדַבֵּר אֲלֵיהֶם שָׁמְרוּ עֵדֹתָיו וְחֹק
ח נָתַן־לָמוֹ׃ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ אַתָּה עֲנִיתָם אֵל נֹשֵׂא הָיִיתָ לָהֶם
ט וְנֹקֵם עַל־עֲלִילוֹתָם׃ רוֹמְמוּ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וְהִשְׁתַּחֲווּ לְהַר
קָדְשׁוֹ כִּי־קָדוֹשׁ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ׃

---

צט, א׳ מלך קמץ ו׳ דא׳ נחה

8 ציון הערט און זי פרייט זיך,
און לוסטיק זיינען די טעכטערשטעט פון יהודה,
פון וועגן דיינע משפטים, יהוה.
9 וואָרום דו יהוה ביסט דער העכסטער איבער דער גאַנצער ערד,
הויך דערהויבן איבער אַלע געטער.

10 איר ליבהאָבער פון גאָט, האָט פיינט שלעכטס!
ער היט די נפשות פון זיינע פרומע,
פון דער האַנט פון רשעים איז ער זיי מציל.
11 אַ ליכט איז פאַרזייט פאַרן צדיק,
און פאַר די רעכטפאַרטיקע הערצער אַ פרייד.
12 פרייט זיך, איר צדיקים, מיט גאָט,
און דאַנקט זיין הייליקער געדעכעניש.

## צח

1 אַ מִזמור.
זינגט צו גאָט אַ ניי געזאַנג,
וואָרום וואונדער האָט ער געטאָן;
זיין רעכטע האַנט האָט אים געהאָלפן,
און זיין הייליקער אָרעם.
2 גאָט האָט געלאָזט וויסן זיין ישועה,
פאַר די אויגן פון אַלע פעלקער האָט ער אַנטפּלעקט זיין גערעכטיקייט.
3 ער האָט געדאַכט אָן זיין חסד און זיין טריישאַפט צו דעם הויז פון ישׂראל;
אַלע עקן פון דער ערד האָבן געזען די ישועה פון אונדזער גאָט.

4 שאַלט צו גאָט, די גאַנצע ערד,
ברעכט אויס און זינגט און שפּילט.
5 שפּילט צו גאָט אויף אַ האַרף,
אויף אַ האַרף מיט אַ קָול פון געזאַנג.
6 מיט טרומייטן און אַ קָול פון שופר
שאַלט פאַר גאָט דעם מלך.

7 זאָל דונערן דער ים מיט זיין פולקייט,
די וועלט און די וווינער אין איר.
8 די טייכן זאָלן קלאַפּן די הענט,
די בערג זאָלן זינגען אין איינעם;
9 פאַר גאָט, וואָרום ער קומט משפטן די ערד;
ער וועט משפטן די וועלט מיט גערעכטיקייט,
און די פעלקער מיט יושר.

## צט

1 גאָט טוט קיניגן,
זאָלן ציטערן די פעלקער;
ער טראָגט איבער די כרובים,
זאָל זיך וואַקלען די ערד.
2 גאָט איז גרויס אין ציון,
און ער איז דערהויבן איבער אַלע פעלקער.
3 זאָלן זיי לויבן דיין גרויסן און פאָרכטיקן נאָמען—
הייליק איז ער!—
4 און די שטאַרקייט פון דעם מלך וואָס האָט ליב גערעכטיקייט.
דו האָסט אויפגעשטעלט יושר,
רעכט און גערעכטיקייט האָסטו אין יעקב געטאָן.
5 דערהייבט יהוה אונדזער גאָט,
און בוקט זיך צו זיין פוסבענקל—
הייליק איז ער!

6 משה און אַהרן זיינען געווען צווישן זיינע כהנים,
און שמואל צווישן די וואָס רופן זיין נאָמען;
זיי פלעגן רופן צו גאָט,
און ער פלעגט זיי ענטפערן.
7 אין אַ וואָלקנזייל פלעגט ער רעדן צו זיי;
זיי האָבן געהיט זיינע אָנזאָגן,
און דאָס געזעץ וואָס ער האָט זיי געגעבן.
8 יהוה אונדזער גאָט, דו האָסט זיי געענטפערט:
אַ פאַרגעביקער גאָט ביסטו זיי געווען,
און האָסט זיך נוקם געווען פון זייערטוועגן.
9 דערהייבט יהוה אונדזער גאָט,
און בוקט זיך צו זיין הייליקן באַרג,
וואָרום הייליק איז יהוה אונדזער גאָט.

## ק

א ב מִזְמוֹר לְתוֹדָה הָרִיעוּ לַיהוָה כׇּל־הָאָרֶץ׃ עִבְדוּ אֶת־יְהוָה
ג בְּשִׂמְחָה בֹּאוּ לְפָנָיו בִּרְנָנָה׃ דְּעוּ כִּי יְהוָה הוּא אֱלֹהִים
ד הוּא עָשָׂנוּ וְלֹא אֲנַחְנוּ עַמּוֹ וְצֹאן מַרְעִיתוֹ׃ בֹּאוּ שְׁעָרָיו ׀
ה בְּתוֹדָה חֲצֵרֹתָיו בִּתְהִלָּה הוֹדוּ לוֹ בָּרְכוּ שְׁמוֹ׃ כִּי־טוֹב
יְהוָה לְעוֹלָם חַסְדּוֹ וְעַד־דֹּר וָדֹר אֱמוּנָתוֹ׃

## קא

א לְדָוִד מִזְמוֹר חֶסֶד־וּמִשְׁפָּט אָשִׁירָה לְךָ יְהוָה אֲזַמֵּרָה׃
ב אַשְׂכִּילָה ׀ בְּדֶרֶךְ תָּמִים מָתַי תָּבוֹא אֵלָי אֶתְהַלֵּךְ בְּתׇם־
ג לְבָבִי בְּקֶרֶב בֵּיתִי׃ לֹא־אָשִׁית ׀ לְנֶגֶד עֵינַי דְּבַר־בְּלִיָּעַל
ד עֲשֹׂה־סֵטִים שָׂנֵאתִי לֹא יִדְבַּק בִּי׃ לֵבָב עִקֵּשׁ יָסוּר מִמֶּנִּי
ה רָע לֹא אֵדָע׃ מְלָושְׁנִי בַסֵּתֶר ׀ רֵעֵהוּ אוֹתוֹ אַצְמִית גְּבַהּ־
ו עֵינַיִם וּרְחַב לֵבָב אֹתוֹ לֹא אוּכָל׃ עֵינַי ׀ בְּנֶאֶמְנֵי־אֶרֶץ
ז לָשֶׁבֶת עִמָּדִי הֹלֵךְ בְּדֶרֶךְ תָּמִים הוּא יְשָׁרְתֵנִי׃ לֹא־יֵשֵׁב ׀
בְּקֶרֶב בֵּיתִי עֹשֵׂה רְמִיָּה דֹּבֵר שְׁקָרִים לֹא־יִכּוֹן לְנֶגֶד עֵינָי׃
ח לַבְּקָרִים אַצְמִית כׇּל־רִשְׁעֵי־אָרֶץ לְהַכְרִית מֵעִיר־יְהוָה
כׇּל־פֹּעֲלֵי אָוֶן׃

## קב

א ב תְּפִלָּה לְעָנִי כִי־יַעֲטֹף וְלִפְנֵי יְהוָה יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ׃ יְהוָה
ג שִׁמְעָה תְפִלָּתִי וְשַׁוְעָתִי אֵלֶיךָ תָבוֹא׃ אַל־תַּסְתֵּר פָּנֶיךָ ׀
מִמֶּנִּי בְּיוֹם צַר לִי הַטֵּה־אֵלַי אׇזְנֶךָ בְּיוֹם אֶקְרָא מַהֵר עֲנֵנִי׃
ד ה כִּי־כָלוּ בְעָשָׁן יָמָי וְעַצְמוֹתַי כְּמוֹקֵד נִחָרוּ׃ הוּכָּה כָעֵשֶׂב
ו וַיִּבַשׁ לִבִּי כִּי־שָׁכַחְתִּי מֵאֲכֹל לַחְמִי׃ מִקּוֹל אַנְחָתִי דָּבְקָה
ז עַצְמִי לִבְשָׂרִי׃ דָּמִיתִי לִקְאַת מִדְבָּר הָיִיתִי כְּכוֹס חֳרָבוֹת׃
ח ט שָׁקַדְתִּי וָאֶהְיֶה כְּצִפּוֹר בּוֹדֵד עַל־גָּג׃ כׇּל־הַיּוֹם חֵרְפוּנִי
י אוֹיְבָי מְהוֹלָלַי בִּי נִשְׁבָּעוּ׃ כִּי אֵפֶר כַּלֶּחֶם אָכָלְתִּי וְשִׁקֻּוַי
יא בִּבְכִי מָסָכְתִּי׃ מִפְּנֵי־זַעַמְךָ וְקִצְפֶּךָ כִּי נְשָׂאתַנִי וַתַּשְׁלִיכֵנִי׃

ק, ג׳ ולו קרי    קא, ה׳ יתיר ו    קב, ה׳ שורק עם דגש

## ק

1 אַ מִזמור פון דאַנקגעבונג.
שאַלט צו גאָט, די גאַנצע ערד.
2 דינט גאָט מיט שׂמחה,
קומט פאַר אים מיט געזאַנג.
3 ווייסט אַז יהוה, ער איז גאָט;
ער האָט אונדז באַשאַפן, און זיינע זיינען מיר,
זיין פאָלק, און די שאָף פון זיין פיטערונג.
4 קומט אין זיינע טויערן מיט דאַנק,
אין זיינע הויפן מיט לויב;
גיט אַ דאַנק צו אים, בענטשט זיין נאָמען.
5 וואָרום גוט איז גאָט,
אויף אייביק איז זיין חסד,
און ביז דור־דורות זיין טריישאַפט.

## קא

1 אַ מִזמור פון דודן.
גענאָד און גערעכטיקייט וועל איך באַזינגען,
צו דיר גאָט וועל איך זינגען.
2 איך אַכט אויפן ערלעכן וועג;
ווען וועסטו קומען צו מיר?
איך גיי אום אין מיין הויז
אין דער ערלעכקייט פון מיין האַרצן.
3 איך האַלט ניט פאַר מיינע אויגן
אַ נידערטרעכטיקע זאַך;
דאָס טאָן פון די אָפקערערס האָב איך פיינט,
עס טוט זיך ניט באַהעפטן אָן מיר.
4 אַ קרום האַרץ איז אָפּגעטאָן פון מיר,
פון שלעכטיקייט ווייס איך ניט.
5 דער וואָס באַרעדט אין פאַרבאַרגעניש זיין חבר,
אים האַק איך אָפּ;
דער וואָס האָט האָפערדיקע אויגן און אַ שטאָלץ
האַרץ,
אים קען איך ניט ליידן.
6 מיינע אויגן זיינען אויף די געטרייע פון לאַנד,
זיי זאָלן זיצן מיט מיר;
דער וואָס גייט אויפן וועג פון ערלעכקייט,
ער איז אין מיין דינסט.
7 אין מיין הויז טאָר ניט זיצן
דער וואָס באַגייט באַטרוג;
דער וואָס רעדט ליגנס
קען ניט באַשטיין פאַר מיינע אויגן.
8 אַלע פרימאָרגן פאַרשנייד איך
אַלע רשעים פון לאַנד,
כּדי צו פאַרשניידן פון גאָטס שטאָט
אַלע טוער פון אומרעכט.

## קב

1 אַ תּפילה פאַר דעם געדריקטן ווען ער פאַרגייט זיך, און ער גיסט אויס פאַר גאָט זיין קלאָג.
2 גאָט, הער צו מיין תּפילה,
און מיין געשריי זאָל קומען צו דיר.
3 זאָלסט ניט פאַרבאָרגן דיין פּנים פון מיר,
אין טאָג פון מיין נויט נייג דיין אויער צו מיר,
אין טאָג וואָס איך רוף, ענטפער מיר גיך.
4 וואָרום אַזוי ווי רויך פאַרגייען מיינע טעג,
און מיינע ביינער זיינען ווי אַן אויוון צעברענט.
5 צעקלאַפּט ווי גראָז און פאַרטריקנט איז מיין האַרץ,
וואָרום איך פאַרגעס צו עסן מיין ברויט.
6 פון וועגן די קולות פון מיין קרעכצן
איז מיין געביין צוגעקלעפּט צו מיין הויט.
7 איך בין געגליכן צו אַ פּעליקאַן פון מדבּר,
איך בין געוואָרן ווי אַן אַייל פון די חורבות.
8 איך בין וואַך נאָכאַנאַנד און בין געוואָרן
ווי אַן עלנדער פויגל אויף אַ דאַך.
9 אַ גאַנצן טאָג לעסטערן מיך מיינע פיינט,
די וואָס ווילדעווען קעגן מיר, שילטן זיך מיט מיר.
10 וואָרום אַש האָב איך אַזוי ווי ברויט געגעסן,
און מיינע טראַנקען האָב איך מיט געוויין געמישט.
11 פון וועגן דיין כּעס און דיין צאָרן;
וואָרום האָסט מיך אויפגעהויבן און מיך אַוועק
געשליידערט.

יָמַי כְּצֵל נָטוּי וַאֲנִי כָּעֵשֶׂב אִיבָשׁ׃ וְאַתָּה יְהוָה לְעוֹלָם יב יג
תֵּשֵׁב וְזִכְרְךָ לְדֹר וָדֹר׃ אַתָּה תָקוּם תְּרַחֵם צִיּוֹן כִּי עֵת יד
לְחֶנְנָהּ כִּי בָא מוֹעֵד׃ כִּי־רָצוּ עֲבָדֶיךָ אֶת־אֲבָנֶיהָ וְאֶת־ טו
עֲפָרָהּ יְחֹנֵנוּ׃ וְיִירְאוּ גוֹיִם אֶת־שֵׁם יְהוָה וְכָל־מַלְכֵי הָאָרֶץ טז
אֶת־כְּבוֹדֶךָ׃ כִּי־בָנָה יְהוָה צִיּוֹן נִרְאָה בִּכְבוֹדוֹ׃ פָּנָה אֶל־ יז יח
תְּפִלַּת הָעַרְעָר וְלֹא־בָזָה אֶת־תְּפִלָּתָם׃ תִּכָּתֶב זֹאת לְדוֹר יט
אַחֲרוֹן וְעַם נִבְרָא יְהַלֶּל־יָהּ׃ כִּי־הִשְׁקִיף מִמְּרוֹם קָדְשׁוֹ כ
יְהוָה מִשָּׁמַיִם ׀ אֶל־אֶרֶץ הִבִּיט׃ לִשְׁמֹעַ אֶנְקַת אָסִיר לְפַתֵּחַ כא
בְּנֵי תְמוּתָה׃ לְסַפֵּר בְּצִיּוֹן שֵׁם יְהוָה וּתְהִלָּתוֹ בִּירוּשָׁלָםִ׃ כב
בְּהִקָּבֵץ עַמִּים יַחְדָּו וּמַמְלָכוֹת לַעֲבֹד אֶת־יְהוָה׃ עִנָּה כג כד
בַדֶּרֶךְ כֹּחוֹ קִצַּר יָמָי׃ אֹמַר אֵלִי אַל־תַּעֲלֵנִי בַּחֲצִי יָמָי כה
בְּדוֹר דּוֹרִים שְׁנוֹתֶיךָ׃ לְפָנִים הָאָרֶץ יָסַדְתָּ וּמַעֲשֵׂה יָדֶיךָ כו
שָׁמָיִם׃ הֵמָּה ׀ יֹאבֵדוּ וְאַתָּה תַעֲמֹד וְכֻלָּם כַּבֶּגֶד יִבְלוּ כז
כַּלְּבוּשׁ תַּחֲלִיפֵם וְיַחֲלֹפוּ׃ וְאַתָּה הוּא וּשְׁנוֹתֶיךָ לֹא יִתָּמּוּ׃ כח
בְּנֵי־עֲבָדֶיךָ יִשְׁכּוֹנוּ וְזַרְעָם לְפָנֶיךָ יִכּוֹן׃ כט

קג

לְדָוִד ׀ בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת־יְהוָה וְכָל־קְרָבַי אֶת־שֵׁם קָדְשׁוֹ׃ א
בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת־יְהוָה וְאַל־תִּשְׁכְּחִי כָּל־גְּמוּלָיו׃ הַסֹּלֵחַ ב ג
לְכָל־עֲוֹנֵכִי הָרֹפֵא לְכָל־תַּחֲלוּאָיְכִי׃ הַגּוֹאֵל מִשַּׁחַת חַיָּיְכִי ד
הַמְעַטְּרֵכִי חֶסֶד וְרַחֲמִים׃ הַמַּשְׂבִּיעַ בַּטּוֹב עֶדְיֵךְ תִּתְחַדֵּשׁ ה
כַּנֶּשֶׁר נְעוּרָיְכִי׃ עֹשֵׂה צְדָקוֹת יְהוָה וּמִשְׁפָּטִים לְכָל־ ו
עֲשׁוּקִים׃ יוֹדִיעַ דְּרָכָיו לְמֹשֶׁה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲלִילוֹתָיו׃ ז
רַחוּם וְחַנּוּן יְהוָה אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב־חָסֶד׃ לֹא־לָנֶצַח יָרִיב ח ט
וְלֹא לְעוֹלָם יִטּוֹר׃ לֹא כַחֲטָאֵינוּ עָשָׂה לָנוּ וְלֹא כַעֲוֹנֹתֵינוּ י
גָּמַל עָלֵינוּ׃ כִּי כִגְבֹהַּ שָׁמַיִם עַל־הָאָרֶץ גָּבַר חַסְדּוֹ עַל־ יא
יְרֵאָיו׃ כִּרְחֹק מִזְרָח מִמַּעֲרָב הִרְחִיק מִמֶּנּוּ אֶת־פְּשָׁעֵינוּ׃ יב
כְּרַחֵם אָב עַל־בָּנִים רִחַם יְהוָה עַל־יְרֵאָיו׃ כִּי הוּא יָדַע יג יד

קב, כד׳ כח קי   כו׳ פתח באתנח

12 מיינע טעג זיינען ווי אַ שאָטן וואָס נייגט זיך,
און אַזוי ווי גראָז טריקן איך אַיין.

13 אָבער דו גאָט טראָנסט אויף אייביק,
און דיין געדעכעניש איז אויף דור־דורות.
14 דו וועסט אויפשטיין און זיך דערבאַרימען אויף ציון,
וואָרום עס איז צייט זי צו לייטזעליקן,
וואָרום געקומען איז די שעה.
15 וואָרום דיינע קנעכט גאַרן נאָך אירע שטיינער,
און איר שטויב האָבן זיי ליב.
16 און די פעלקער וועלן פאָרכטן דעם נאָמען פון גאָט,
און אַלע מלכים פון דער ערד דיין פראַכט,
17 ווען גאָט האָט אויפגעבויט ציון,
זיך באַוויזן אין זיין פראַכט;
18 זיך געקערט צו דער תפילה פון דעם עלנדן,
און ניט פאַראַכט זייער תפילה.

19 דאָס וועט פאַרשריבן ווערן פאַרן שפּעטערדיקן דור,
און דאָס פאָלק וואָס וועט באַשאַפן ווערן, וועט לויבן גאָט.
20 וואָרום ער האָט אַראָפּגעקוקט פון זיין הייליקער הייך;
גאָט האָט פון הימל געלוגט אויף דער ערד,
21 צו הערן דאָס קרעכצן פון געפאַנגענעם,
פריי צו מאַכן די אָנגעברייטע צום טויט.
22 כדי מע זאָל דערציילן אין ציון גאָטס נאָמען,
און זיין לויב אין ירושלים,
23 ווען די פעלקער זאַמלען זיך אַיין אין איינעם,
און די קיניגרייכן צו דינען גאָט.

24 ער האָט אָפּגעשלאַפט אין וועג מיין כוח,
ער האָט געקירצט מיינע טעג.
25 איך זאָג: מיין גאָט, זאָלסט מיך ניט אַוועקנעמען אין העלפט פון מיינע טעג,
דו וואָס אויף דור־דורות זיינען דיינע יאָרן.
26 לאַנג צוריק האָסטו די ערד געגרונטפעסט,
און דאָס ווערק פון דיינע הענט זיינען די הימלען.
27 זיי וועלן אונטערגיין, און דו וועסט באַשטיין,
יאָ, זיי אַלע וועלן ווי אַ בגד צעקריכן,
ווי אַ מלבוש וועסטו זיי בייטן, און זיי וועלן פאַרגייןא;
28 אָבער דו ביסט דער אייגענער,
און דיינע יאָרן וועלן זיך ניט ענדיקן.
29 די קינדער פון דיינע קנעכט וועלן בלייבן,
און זייער זאָמען וועט שטיין פעסט פאַר דיר.

## קג

1 פון דודן.
לויב, מיין זעל, גאָט,
און אַלע מיינע אינגעווייד, זיין הייליקן נאָמען.
2 לויב גאָט, מיין זעל,
און זאָלסט ניט פאַרגעסן אַלע זיינע טובות;
3 דער וואָס פאַרגיט אַלדי זינד דיינע,
וואָס היילט אַלע קראַנקשאַפטן דיינע;
4 וואָס לייזט אויס פון גרוב דיין לעבן,
וואָס קריינט דיך מיט גענאָד און דערבאַרימונג;
5 וואָס זעטיקט מיט גוטס דיין עלטער,
ווי אַן אָדלער באַנייט זיך די יוגנט דיינע.
6 גאָט טוט גערעכטיקייטן,
און רעכט צו אַלע געדריקטע.
7 ער האָט געלאָזט וויסן משהן זיינע וועגן,
די קינדער פון ישראל זיינע מעשים.
8 גאָט איז דערבאַרימדיק און לייטזעליק,
אַיינגעהאַלטן אין צאָרן און רייך אין גענאָד.
9 ניט שטענדיק וועט ער קריגן,
און ניט אייביק וועט ער האַלטן אַ כעס.
10 ניט לויט אונדזערע חטאים האָט ער אונדז געטאָן,
און ניט לויט אונדזערע זינד האָט ער אונדז פאַרגאָלטן.
11 וואָרום ווי דער הימל איז הויך איבער דער ערד,
אַזוי איז שטאַרק זיין חסד צו די וואָס פאָרכטן אים.
12 ווי מזרח איז ווייט פון מערב,
אַזוי האָט ער דערווייטערט פון אונדז אונדזערע פאַרברעכן.
13 ווי אַ פאָטער דערבאַרימט זיך אויף זיינע קינדער,
אַזוי דערבאַרימט זיך גאָט אויף די וואָס פאָרכטן אים.
14 וואָרום ער ווייס אונדזער באַשאַפונג,

א תחליפם ויחלפו.

ער געדענקט אַז מיר זיינען שטויב.
15 דער מענטש — אַזוי ווי גראָז זיינען זיינע טעג,
ווי אַ שפּראָצונג פון פעלד, אַזוי שפּראָצט ער.
16 וואָרום אַ ווינט גייט אַריבער אויף אים, און ער איז ניטאָ,
און זיין אָרט קען אים ניט מער.
17 אָבער דער חסד פון גאָט איז פון אייביק ביז אייביק אויף די וואָס פאָרכטן אים,
און זיין גערעכטיקייט צו קינדסקינדער;
18 צו די וואָס היטן זיין בונד,
און צו די וואָס געדענקען זיינע באַפעלן זיי צו טאָן.

19 גאָט האָט אין הימל אויפגעשטעלט זיין טראָן,
און זיין מלוכה געוועלטיקט איבער אַלץ.
20 לויבט גאָט, זיינע מלאָכים,
איר שטאַרקע גיבורים וואָס טוט זיין וואָרט,
ביים הערן דעם קול פון זיין וואָרט.
21 לויבט גאָט, אַלע זיינע חַילות,
זיינע משָרתים וואָס טוט זיין רצון.
22 לויבט גאָט, אַלע זיינע ווערק,
אין אַלע ערטער פון זיין געוועלטיקייט;
לויב גאָט, מיין זעל.

## קד

1 לויב גאָט, מיין זעל;
יהוה מיין גאָט, ביסט גרויס ביז גאָר,
אין גלאַנץ און שיינקייט ביסטו אָנגעקליידט.
2 דער וואָס וויקלט זיך אין ליכט ווי אין אַ מאַנטל,
וואָס שפּרייט אויס די הימלען ווי אַ פאָרהאַנג.
3 וואָס באַלקנט מיט וואַסער זיינע אויבערשטובן;
וואָס מאַכט וואָלקנס פאַר זיין רייטוואָגן,
וואָס גייט אויף די פליגלען פון ווינט.
4 וואָס מאַכט זיינע שלוחים די ווינטן,
זיינע משָרתים — פלאַקערדיק פייער.
5 ער האָט געגרונטפעסט די ערד אויף אירע געשטעלן,
זי זאָל זיך ניט וואַקלען, אייביק און שטענדיק.
6 דעם תּהום, אים האָסטו ווי אַ קלייד איבערגעדעקט;
איבער די בערג זיינען געשטאַנען די וואַסערן.
7 פון דיין אָנגעשריי זיינען זיי אַנטלאָפן,
פון קול פון דיין דונער האָבן זיי אַוועקגעאיילט —
8 בערג האָבן זיך אויפגעהויבן, טאָלן האָבן געניִדערט —
צו דעם אָרט וואָס דו האָסט געגרונטפעסט פאַר זיי.
9 האָסט געמאַכט אַ גבול וואָס זיי זאָלן ניט אַריבערגיין,
כּדי זיי זאָלן ניט ווידער באַדעקן די ערד.

10 [ער איז] דער וואָס שיקט קוואַלן אין די טאָלן,
זיי זאָלן גיין צווישן די בערג.
11 זיי טרינקען אָן אַלע חיות פון פעלד,
די וואַלדאייזלען שטילן זייער דאָרשט.
12 לעבן זיי רוען די פויגלען פון הימל,
פון צווישן די צווייגן גיבן זיי אַרויס אַ קָול.

טו יְצָרֵנוּ זָכוּר כִּי־עָפָר אֲנָחְנוּ׃ אֱנוֹשׁ כֶּחָצִיר יָמָיו כְּצִיץ
טז הַשָּׂדֶה כֵּן יָצִיץ׃ כִּי רוּחַ עָבְרָה־בּוֹ וְאֵינֶנּוּ וְלֹא־יַכִּירֶנּוּ
יז עוֹד מְקוֹמוֹ׃ וְחֶסֶד יְהוָה ׀ מֵעוֹלָם וְעַד־עוֹלָם עַל־יְרֵאָיו
יח וְצִדְקָתוֹ לִבְנֵי בָנִים׃ לְשֹׁמְרֵי בְרִיתוֹ וּלְזֹכְרֵי פִקֻּדָיו
יט לַעֲשׂוֹתָם׃ יְהוָה בַּשָּׁמַיִם הֵכִין כִּסְאוֹ וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל
כ מָשָׁלָה׃ בָּרְכוּ יְהוָה מַלְאָכָיו גִּבֹּרֵי כֹחַ עֹשֵׂי דְבָרוֹ לִשְׁמֹעַ
כא בְּקוֹל דְּבָרוֹ׃ בָּרְכוּ יְהוָה כָּל־צְבָאָיו מְשָׁרְתָיו עֹשֵׂי רְצוֹנוֹ׃
כב בָּרְכוּ יְהוָה ׀ כָּל־מַעֲשָׂיו בְּכָל־מְקֹמוֹת מֶמְשַׁלְתּוֹ בָּרְכִי
נַפְשִׁי אֶת־יְהוָה׃

## קד

א בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת־יְהוָה יְהוָה אֱלֹהַי גָּדַלְתָּ מְּאֹד הוֹד וְהָדָר
ב לָבָשְׁתָּ׃ עֹטֶה אוֹר כַּשַּׂלְמָה נוֹטֶה שָׁמַיִם כַּיְרִיעָה׃
ג הַמְקָרֶה בַמַּיִם עֲלִיּוֹתָיו הַשָּׂם־עָבִים רְכוּבוֹ הַמְהַלֵּךְ עַל־
ד כַּנְפֵי־רוּחַ׃ עֹשֶׂה מַלְאָכָיו רוּחוֹת מְשָׁרְתָיו אֵשׁ לֹהֵט׃
ה ו יָסַד אֶרֶץ עַל־מְכוֹנֶיהָ בַּל־תִּמּוֹט עוֹלָם וָעֶד׃ תְּהוֹם
ז כַּלְּבוּשׁ כִּסִּיתוֹ עַל־הָרִים יַעַמְדוּ מָיִם׃ מִן־גַּעֲרָתְךָ יְנוּסוּן
ח מִן־קוֹל רַעַמְךָ יֵחָפֵזוּן׃ יַעֲלוּ הָרִים יֵרְדוּ בְקָעוֹת אֶל־
ט מְקוֹם זֶה ׀ יָסַדְתָּ לָהֶם׃ גְּבוּל־שַׂמְתָּ בַּל־יַעֲבֹרוּן בַּל־יְשׁוּבוּן
י לְכַסּוֹת הָאָרֶץ׃ הַמְשַׁלֵּחַ מַעְיָנִים בַּנְּחָלִים בֵּין הָרִים
יא יְהַלֵּכוּן׃ יַשְׁקוּ כָּל־חַיְתוֹ שָׂדָי יִשְׁבְּרוּ פְרָאִים צְמָאָם׃
יב עֲלֵיהֶם עוֹף־הַשָּׁמַיִם יִשְׁכּוֹן מִבֵּין עֳפָאיִם יִתְּנוּ־קוֹל׃
יג מַשְׁקֶה הָרִים מֵעֲלִיּוֹתָיו מִפְּרִי מַעֲשֶׂיךָ תִּשְׂבַּע הָאָרֶץ׃
יד מַצְמִיחַ חָצִיר ׀ לַבְּהֵמָה וְעֵשֶׂב לַעֲבֹדַת הָאָדָם לְהוֹצִיא
טו לֶחֶם מִן־הָאָרֶץ׃ וְיַיִן ׀ יְשַׂמַּח לְבַב־אֱנוֹשׁ לְהַצְהִיל פָּנִים
טז מִשָּׁמֶן וְלֶחֶם לְבַב־אֱנוֹשׁ יִסְעָד׃ יִשְׂבְּעוּ עֲצֵי יְהוָה אַרְזֵי
יז לְבָנוֹן אֲשֶׁר נָטָע׃ אֲשֶׁר־שָׁם צִפֳּרִים יְקַנֵּנוּ חֲסִידָה
יח בְּרוֹשִׁים בֵּיתָהּ׃ הָרִים הַגְּבֹהִים לַיְּעֵלִים סְלָעִים מַחְסֶה

קד, יב׳ א׳ נחה

13 ביסט דער וואָס טרינקט אָן די בערג פון זיינע אויבער־שטובן;
פון דער פרוכט פון דיינע טואונגען ווערט געזעטיקט די ערד.

14 ער מאַכט שפּראָצן גראָז פאַר דער בהמה,
און היי פאַר די אַרבעטפי פון דעם מענטשן,
כּדי אַרויסצוציען ברויט פון דער ערד;
15 און ווין וואָס דערפרייט דעם מענטשנס האַרץ,
צו מאַכן גלאַנצן דעם פּנים מער ווי אייל;
און ברויט וואָס לענט אונטער דעם מענטשנס האַרץ.
16 די ביימער פון גאָט זעטן זיך אָן,
די צעדערן פון לבנון וואָס ער האָט געפלאַנצט,
17 וואָס דאָרטן נעסטן די פויגלען;
דער שטאָרך, זיין הויז זיינען ציפּרעסן.
18 די הויכע בערג זיינען פאַר די שטיינבעק,
די פעלזן אַ באַשיצונג פאַר די קיניגלס.

יט כ לַשְׁפַנִּים׃ עָשָׂה יָרֵחַ לְמוֹעֲדִים שֶׁמֶשׁ יָדַע מְבוֹאוֹ׃ תָּשֶׁת
כא חֹשֶׁךְ וִיהִי לָיְלָה בּוֹ־תִרְמֹשׂ כׇּל־חַיְתוֹ־יָעַר׃ הַכְּפִירִים
כב שֹׁאֲגִים לַטָּרֶף וּלְבַקֵּשׁ מֵאֵל אׇכְלָם׃ תִּזְרַח הַשֶּׁמֶשׁ יֵאָסֵפוּן
כג וְאֶל־מְעוֹנֹתָם יִרְבָּצוּן׃ יֵצֵא אָדָם לְפׇעֳלוֹ וְלַעֲבֹדָתוֹ עֲדֵי־
כד עָרֶב׃ מֶה־רַבּוּ מַעֲשֶׂיךָ ׀ יְהוָה כֻּלָּם בְּחׇכְמָה עָשִׂיתָ
כה מָלְאָה הָאָרֶץ קִנְיָנֶךָ׃ זֶה ׀ הַיָּם גָּדוֹל וּרְחַב יָדָיִם שָׁם
כו רֶמֶשׂ וְאֵין מִסְפָּר חַיּוֹת קְטַנּוֹת עִם־גְּדֹלוֹת׃ שָׁם אֳנִיּוֹת
כז יְהַלֵּכוּן לִוְיָתָן זֶה־יָצַרְתָּ לְשַׂחֶק־בּוֹ׃ כֻּלָּם אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּן
כח לָתֵת אׇכְלָם בְּעִתּוֹ׃ תִּתֵּן לָהֶם יִלְקֹטוּן תִּפְתַּח יָדְךָ יִשְׂבְּעוּן
כט טוֹב׃ תַּסְתִּיר פָּנֶיךָ יִבָּהֵלוּן תֹּסֵף רוּחָם יִגְוָעוּן וְאֶל־עֲפָרָם
ל לא יְשׁוּבוּן׃ תְּשַׁלַּח רוּחֲךָ יִבָּרֵאוּן וּתְחַדֵּשׁ פְּנֵי אֲדָמָה׃ יְהִי
לב כְבוֹד יְהוָה לְעוֹלָם יִשְׂמַח יְהוָה בְּמַעֲשָׂיו׃ הַמַּבִּיט לָאָרֶץ
לג וַתִּרְעָד יִגַּע בֶּהָרִים וְיֶעֱשָׁנוּ׃ אָשִׁירָה לַיהוָה בְּחַיָּי אֲזַמְּרָה
לד לֵאלֹהַי בְּעוֹדִי׃ יֶעֱרַב עָלָיו שִׂיחִי אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּיהוָה׃
לה יִתַּמּוּ חַטָּאִים ׀ מִן־הָאָרֶץ וּרְשָׁעִים ׀ עוֹד אֵינָם בָּרְכִי נַפְשִׁי
אֶת־יְהוָה הַלְלוּיָהּ׃

## קה

א ב הוֹדוּ לַיהוָה קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו׃ שִׁירוּ
ג לוֹ זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ בְּכׇל־נִפְלְאוֹתָיו׃ הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קׇדְשׁוֹ
ד יִשְׂמַח לֵב ׀ מְבַקְשֵׁי יְהוָה׃ דִּרְשׁוּ יְהוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו
ה תָּמִיד׃ זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר־עָשָׂה מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי־פִיו׃
ו ז זֶרַע אַבְרָהָם עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו׃ הוּא יְהוָה אֱלֹהֵינוּ
ח בְּכׇל־הָאָרֶץ מִשְׁפָּטָיו׃ זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה
ט לְאֶלֶף דּוֹר׃ אֲשֶׁר כָּרַת אֶת־אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק׃
י יא וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם׃ לֵאמֹר לְךָ
יב אֶתֵּן אֶת־אֶרֶץ־כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם׃ בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר
יג כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ׃ וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל־גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל־

קה, יא׳ ס״א לְךָ־אֶתֵּן את־אֶרֶץ

19 ער האָט געמאַכט די לבנה פאַר די צייטן;
די זון ווייס איר אונטערגאַנג.
20 מאַכסט פינצטערניש, און עס ווערט נאַכט,
אין איר ווידמענען זיך אַלע חיות פון פעלד.
21 די יונגלייבן ברילן נאָך רויב,
און בעטן פון גאָט זייער שפייז.
22 גייט אויף די זון, ווערן זיי אַיינגעטאָן,
און זיי הויערן אין זייערע נאָרעס.
23 גייט אַרויס דער מענטש צו זיין ווערק,
און צו זיין אַרבעט ביז אָוונט.

24 ווי פיל זיינען דיינע ווערק, גאָט!
זיי אַלע האָסטו מיט חכמה געמאַכט;
די גאַנצע ערד איז פול מיט דיין באַשאַף.
25 אָן איז דער ים, גרויס און ברייט,
דאָרט איז אַ ווידמענונג אָן אַ צאָל,
חיות גרויסע מיט קליינע.
26 דאָרט גייען אום שיפן;
דער לִוְיָתן וואָס דו האָסט באַשאַפן זיך צו שפילן דערין.
27 זיי אַלע קוקן אויס צו דיר,
צו געבן זייער שפייז אין איר צייט.
28 גיסטו זיי, קלייבן זיי אויף,
עפנסט דיין האַנט, זעטן זיי זיך מיט גוטס.
29 פאַרבאָרגסטו דיין פנים, ווערן זיי פאַרכאַפּט,
טוסט אַיין זייער אָטעם, פאַרגייען זיי,
און קערן זיך אום צו זייער שטויב.
30 שיקסט אַרויס דיין אָטעם, ווערן זיי באַשאַפן,
און דו באַנייסט דעם פנים פון דער ערד.

31 זאָל דער כבוד פון גאָט זיין אויף אייביק!
זאָל גאָט זיך פרייען מיט זיינע ווערק!
32 דער וואָס קוקט אָן די ערד, און זי ציטערט,
וואָס רירט אָן די בערג, און זיי רייכערן.
33 איך וועל זינגען צו יהוה כל־זמן איך לעב,
איך וועל שפּילן צו מיין גאָט ווי לאַנג איך בין.
34 זאָל אים געזיסט זיין מיין רעדן;
איך פריי זיך מיט גאָט.

35 זאָלן די זינדיקע פאַרלענדט ווערן פון דער ערד,
און די רשעים זאָלן מער ניט זיין.
לויב גאָט, מיין זעל,
הַלְלוּיָהא.

קה 1 גיט אַ דאַנק צו גאָט, רופט זיין נאָמען,
לאָזט וויסן צווישן די פעלקער זיינע טואונגען.
2 זינגט צו אים, שפּילט צו אים,
רעדט פון אַלע זיינע וואונדער.
3 רימט אַייך מיט זיין הייליקן נאָמען;
זאָל זיך פרייען דאָס האַרץ פון די וואָס זוכן גאָט.
4 פאָרשט גאָט און זיין שטאַרקייט,
זוכט זיין פנים תמיד.
5 דערמאָנט זיינע וואונדער וואָס ער האָט געטאָן,
זיינע צייכנס, און די משפטים פון זיין מויל,
6 איר זאָמען פון אַברהם זיין קנעכט,

א לויבט יָה.

איר קינדער פון יעקב, זיינע אויסדערווײלטע.

7 ער איז יהוה אונדזער גאָט,
איבער דער גאַנצער ערד זיינען זיינע משפטים.
8 ער געדענקט אייביק זיין בונד,
דאָס וואָרט וואָס ער האָט באַפוילן אויף טויזנט דורות;
9 וואָס ער האָט געשלאָסן מיט אַברהמען,
און זיין שבועה צו יצחקן.
10 און ער האָט עס אויפגעשטעלט פאַר אַ חָק צו יעקב,
פאַר אַן אייביקן בונד צו ישראל,
11 אַזוי צו זאָגן: דיר וועל איך געבן דאָס לאַנד כּנַעַן,
דעם טייל פון אַייער נחלה.

12 אַז איר זייט געווען מענטשן געציילטע,
ווינציק און פרעמדע דערין,
13 און זיי זיינען אומגעגאַנגען פון פאָלק צו פאָלק,
און פון איין קיניגרייך צו אַן אַנדער אומה,

יד עַם אַחֵר: לֹא־הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים:
טו טז אַל־תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל־תָּרֵעוּ: וַיִּקְרָא רָעָב עַל־
יז הָאָרֶץ כָּל־מַטֵּה־לֶחֶם שָׁבָר: שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ לְעֶבֶד
יח יט נִמְכַּר יוֹסֵף: עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלָיו בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ: עַד־
כ עֵת בֹּא־דְבָרוֹ אִמְרַת יְהוָה צְרָפָתְהוּ: שָׁלַח־מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ
כא מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ: שָׂמוֹ אָדוֹן לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־
כב כג קִנְיָנוֹ: לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם: וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל
כד מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ־חָם: וַיֶּפֶר אֶת־עַמּוֹ מְאֹד
כה וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו: הָפַךְ לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל
כו כז בַּעֲבָדָיו: שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן אֲשֶׁר בָּחַר־בּוֹ: שָׂמוּ
כח בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם: שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ
כט וְלֹא־מָרוּ אֶת־דְּבָרוֹ: הָפַךְ אֶת־מֵימֵיהֶם לְדָם וַיָּמֶת
ל אֶת־דְּגָתָם: שָׁרַץ אַרְצָם צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם:
לא לב אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב כִּנִּים בְּכָל־גְּבוּלָם: נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד
לג אֵשׁ לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם: וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם:
לד לה אָמַר וַיָּבֹא אַרְבֶּה וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר: וַיֹּאכַל כָּל־עֵשֶׂב
לו בְּאַרְצָם וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם: וַיַּךְ כָּל־בְּכוֹר בְּאַרְצָם
לז רֵאשִׁית לְכָל־אוֹנָם: וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו
לח כּוֹשֵׁל: שָׂמַח מִצְרַיִם בְּצֵאתָם כִּי־נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם:
לט מ פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ וְאֵשׁ לְהָאִיר לָיְלָה: שָׁאַל וַיָּבֵא שְׂלָו
מא וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם: פָּתַח צוּר וַיָּזוּבוּ מָיִם הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת
מב נָהָר: כִּי זָכַר אֶת־דְּבַר קָדְשׁוֹ אֶת אַבְרָהָם עַבְדּוֹ:
מג מד וַיּוֹצִא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן בְּרִנָּה אֶת־בְּחִירָיו: וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת
מה גּוֹיִם וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ: בַּעֲבוּר ׀ יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו
יִנְצֹרוּ הַלְלוּיָהּ:

קו

א ב הַלְלוּיָהּ ׀ הוֹדוּ לַיהוָה כִּי־טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: מִי

---

קה, יח׳ רגלו קרי כח׳ דברו קרי לו׳ ס״א במצרים מ׳ שלו קרי

14 האָט ער ניט געלאָזן אַ מענטשן זיי דריקן,
און האָט געשטראָפט מלכים וועגן זיי:
15 איר זאָלט ניט אָנרירן מײַנע געזאַלבטע,
און מײַנע נביאים זאָלט איר ניט בייז טאָן.
16 און ער האָט גערופן אַ הונגער אויפן לאַנד,
יעטוועדער אונטערלען פון ברויט האָט ער צעבראָכן.
17 ער האָט זיי פאַרויס געשיקט אַ מאַן:
פאַר אַ קנעכט איז פאַרקויפט געוואָרן יוסף.
18 מע האָט געפּייניקט אין קייטן זײַן פוס,
אין אײַזן איז אַרײַנגעטאָן געוואָרן זײַן לײַב;
19 ביז דער צײַט וואָס זײַן וואָרט איז געשען,
האָט דער באַפעל פון גאָט אים געפּרוּווט.
20 דער מלך האָט געשיקט און אים לויז געלאָזט,
דער געוועלטיקער פון פעלקער—און אים פרײַ
געמאַכט.
21 ער האָט אים געמאַכט פאַר אַ האַר איבער זײַן הויז,
און פאַר אַ געוועלטיקער איבער זײַן גאַנצן אייגנס,
22 צו בינדן זײַנע האַרן לויט זײַן באַראָט,
און זײַנע עלטסטע זאָל ער קליגן.

23 און ישׂראל איז געקומען קיין מִצרַיִם.
און יעקב האָט זיך אויפגעהאַלטן אין לאַנד חָם.
24 און ער האָט זייער געפרוכפּערט זײַן פאָלק,
און זיי געמאַכט שטאַרקער פון זייערע דריקער.
25 ער האָט פאַרקערט זייער האַרץ פײַנט צו האָבן זײַן
פאָלק,
זיך צו קליגן אַקעגן זײַנע קנעכט.
26 ער האָט געשיקט משה זײַן קנעכט,
אַהרנען וועמען ער האָט אויסדערוויילט.
27 האָבן זיי געמאַכט צווישן זיי די זאַכן פון זײַנע צייכנס,
און וווּנדער אין לאַנד פון חָם.
28 ער האָט אָנגעשיקט פינצטערניש און פינצטער געמאַכט;
און זיי האָבן ניט ווידערשפּעניקט זײַן וואָרט.
29 ער האָט פאַרקערט זייערע וואַסערן אין בלוט,
און האָט געטייט זייערע פיש.
30 זייער לאַנד האָט געווימלט פרעש,
ביז אין די קאַמערן פון זייערע מלכים.
31 ער האָט געהייסן, און אַ געמיש פליגן איז געקומען,
אומגעציפער אין זייער גאַנצן געמאַרק.
32 ער האָט געגעבן אָנשטאָט זייערע רעגנס האָגל,
אַ פלאַמפײַער אין זייער לאַנד.
33 און ער האָט אײַנגעשלאָגן זייער ווײַנשטאָק און זייער
פײַגנבוים,
און אויסגעבראָכן די ביימער פון זייער געמאַרק.
34 ער האָט געהייסן, און אַ הײַשעריק איז געקומען,
און אַ גראָזפרעסער אָוש אָן אַ צאָל;
35 און ער האָט אויפגעגעסן יעטוועדער קרײַטעכץ אין
זייער לאַנד,
און אויפגעגעסן די פרוכט פון זייער ערד.
36 און ער האָט געשלאָגן יעטוועדער בְּכוֹר אין זייער לאַנד,
די ערשטלינגען פון אַל זייער קראַפט.
37 און האָט זיי אַרויסגעצויגן מיט זילבער און גאָלד;
און ניט געווען צווישן זײַנע שבטים אַ שטרויכלער.
38 מִצרַיִם האָט זיך געפרייט מיט זייער אַרויסגיין,
וואָרום זייער שרעק איז געפאַלן אויף זיי.

39 ער האָט פאַרשפּרייט אַ וואָלקן צום צודעק,
און אַ פײַער צו לײַכטן בײַ נאַכט.
40 מע האָט פאַרלאַנגט, און ער האָט געבראַכט וואַכטל־
פויגלען,
און מיט ברויט פון הימל פלעגט ער זיי זעטן.
41 ער האָט געעפנט אַ פעלז, און וואַסער איז גערונען,
געגאַנגען ווי אַ טײַך דורך די טריקענישן.
42 וואָרום ער האָט געדאַכט אָן זײַן הייליקן צוזאָג
צו אַברהם זײַן קנעכט.
43 און ער האָט אַרויסגעצויגן זײַן פאָלק מיט פרייד,
מיט געזאַנג זײַנע אויסדערוויילטע.
44 און ער האָט זיי געגעבן די לענדער פון די פעלקער,
און די מי פון די אומות האָבן זיי געיַרשעט;
45 כּדי זיי זאָלן האַלטן זײַנע געזעצן,
און זײַנע לערנונגען זאָלן זיי היטן.
הַלְלוּיָה.

## קו

1 הַלְלוּיָה.
גיט אַ דאַנק צו גאָט, וואָרום ער איז גוט,
וואָרום אויף אייביק איז זײַן חסד.

ג יְמַלֵּל גְּבוּרוֹת יְהוָה יַשְׁמִיעַ כָּל־תְּהִלָּתוֹ׃ אַשְׁרֵי שֹׁמְרֵי
ד מִשְׁפָּט עֹשֵׂה צְדָקָה בְכָל־עֵת׃ זָכְרֵנִי יְהוָה בִּרְצוֹן עַמֶּךָ
ה פָּקְדֵנִי בִּישׁוּעָתֶךָ׃ לִרְאוֹת ׀ בְּטוֹבַת בְּחִירֶיךָ לִשְׂמֹחַ
ו בְּשִׂמְחַת גּוֹיֶךָ לְהִתְהַלֵּל עִם־נַחֲלָתֶךָ׃ חָטָאנוּ עִם־אֲבוֹתֵינוּ
ז הֶעֱוִינוּ הִרְשָׁעְנוּ׃ אֲבוֹתֵינוּ בְמִצְרַיִם לֹא־הִשְׂכִּילוּ נִפְלְאוֹתֶיךָ
ח לֹא זָכְרוּ אֶת־רֹב חֲסָדֶיךָ וַיַּמְרוּ עַל־יָם בְּיַם־סוּף׃ וַיּוֹשִׁיעֵם
ט לְמַעַן שְׁמוֹ לְהוֹדִיעַ אֶת־גְּבוּרָתוֹ׃ וַיִּגְעַר בְּיַם־סוּף וַיֶּחֱרָב
י וַיּוֹלִיכֵם בַּתְּהֹמוֹת כַּמִּדְבָּר׃ וַיּוֹשִׁיעֵם מִיַּד שׂוֹנֵא וַיִּגְאָלֵם
יא מִיַּד אוֹיֵב׃ וַיְכַסּוּ־מַיִם צָרֵיהֶם אֶחָד מֵהֶם לֹא נוֹתָר׃
יב יג וַיַּאֲמִינוּ בִדְבָרָיו יָשִׁירוּ תְּהִלָּתוֹ׃ מִהֲרוּ שָׁכְחוּ מַעֲשָׂיו לֹא־
יד חִכּוּ לַעֲצָתוֹ׃ וַיִּתְאַוּוּ תַאֲוָה בַּמִּדְבָּר וַיְנַסּוּ־אֵל בִּישִׁימוֹן׃
טו טז וַיִּתֵּן לָהֶם שֶׁאֱלָתָם וַיְשַׁלַּח רָזוֹן בְּנַפְשָׁם׃ וַיְקַנְאוּ לְמֹשֶׁה
יז בַּמַּחֲנֶה לְאַהֲרֹן קְדוֹשׁ יְהוָה׃ תִּפְתַּח־אֶרֶץ וַתִּבְלַע דָּתָן
יח וַתְּכַס עַל־עֲדַת אֲבִירָם׃ וַתִּבְעַר־אֵשׁ בַּעֲדָתָם לֶהָבָה
יט תְּלַהֵט רְשָׁעִים׃ יַעֲשׂוּ־עֵגֶל בְּחֹרֵב וַיִּשְׁתַּחֲווּ לְמַסֵּכָה׃
כ כא וַיָּמִירוּ אֶת־כְּבוֹדָם בְּתַבְנִית שׁוֹר אֹכֵל עֵשֶׂב׃ שָׁכְחוּ אֵל
כב מוֹשִׁיעָם עֹשֶׂה גְדֹלוֹת בְּמִצְרָיִם׃ נִפְלָאוֹת בְּאֶרֶץ חָם
כג נוֹרָאוֹת עַל־יַם־סוּף׃ וַיֹּאמֶר לְהַשְׁמִידָם לוּלֵי מֹשֶׁה בְחִירוֹ
כד עָמַד בַּפֶּרֶץ לְפָנָיו לְהָשִׁיב חֲמָתוֹ מֵהַשְׁחִית׃ וַיִּמְאֲסוּ
כה בְּאֶרֶץ חֶמְדָּה לֹא־הֶאֱמִינוּ לִדְבָרוֹ׃ וַיֵּרָגְנוּ בְאָהֳלֵיהֶם לֹא
כו שָׁמְעוּ בְּקוֹל יְהוָה׃ וַיִּשָּׂא יָדוֹ לָהֶם לְהַפִּיל אוֹתָם בַּמִּדְבָּר׃
כז כח וּלְהַפִּיל זַרְעָם בַּגּוֹיִם וּלְזָרוֹתָם בָּאֲרָצוֹת׃ וַיִּצָּמְדוּ לְבַעַל
כט פְּעוֹר וַיֹּאכְלוּ זִבְחֵי מֵתִים׃ וַיַּכְעִיסוּ בְּמַעַלְלֵיהֶם וַתִּפְרָץ־
ל בָּם מַגֵּפָה׃ וַיַּעֲמֹד פִּינְחָס וַיְפַלֵּל וַתֵּעָצַר הַמַּגֵּפָה׃
לא לב וַתֵּחָשֶׁב לוֹ לִצְדָקָה לְדֹר וָדֹר עַד־עוֹלָם׃ וַיַּקְצִיפוּ עַל־מֵי
לג מְרִיבָה וַיֵּרַע לְמֹשֶׁה בַּעֲבוּרָם׃ כִּי־הִמְרוּ אֶת־רוּחוֹ וַיְבַטֵּא
לד בִּשְׂפָתָיו׃ לֹא־הִשְׁמִידוּ אֶת־הָעַמִּים אֲשֶׁר אָמַר יְהוָה
לה לו לָהֶם׃ וַיִּתְעָרְבוּ בַגּוֹיִם וַיִּלְמְדוּ מַעֲשֵׂיהֶם׃ וַיַּעַבְדוּ אֶת־

2 ווער קען אויסרעדן די גבורות פון גאָט?
מאַכן הערן זיין גאַנצן לויב?
3 וווּיל צו די וואָס היטן גערעכטיקייט,
צו דעם וואָס טוט רעכט אין יעטוועדער צייט.
4 געדענק מיך, גאָט, ווען דו באַוויליקסט דיין פאָלק,
דערמאָן מיך אין דיין הילף;
5 כּדי איך זאָל זען דאָס גוטס פון דיינע אויסדערווײלטע,
זיך פרייען אין דער פרייד פון דיין פאָלק,
זיך רימען אין איינעם מיט דיין אַרב.

6 מיר האָבן געזינדיקט אַזוי ווי אונדזערע עלטערן,
מיר האָבן פאַרבראָכן, מיר האָבן שלעכטס געטאָן.
7 אונדזערע עלטערן אין מִצרַיִם האָבן ניט באַטראַכט דיינע וווּנדער,
זיי האָבן ניט געדאַכט אָן דיינע פיל חסָדים,
און האָבן ווידערשפּעניקט ביים ים, ביים ים־סוף.
8 אָבער ער האָט זיי געהאָלפן פון זיין נאָמען וועגן,
כּדי צו לאָזן וויסן זיין גבורה.
9 און ער האָט אָנגעשריען אויפן ים־סוף, און ער איז געוואָרן טרוקן,
און ער האָט זיי געפירט דורך די תּהָומען ווי דורך אַ סטעפּ.
10 און ער האָט זיי געהאָלפן פון דעם שׂונאס האַנט,
און זיי אויסגעלייזט פון דער האַנט פון פיינט.
11 און די וואַסערן האָבן צוגעדעקט זייערע דריקער,
ניט אַן אײנציקער פון זיי איז געבליבן.
12 און זיי האָבן געגלויבט אין זיינע ווערטער,
זיי האָבן געזונגען זיין לויב.

13 גיך האָבן זיי פאַרגעסן זיינע טואונגען;
זיי האָבן ניט געהאַרט אויף זיין עצה.
14 און זיי האָבן געגלוסט אַ גלוסטונג אין דער מדבּר,
און געפּרוּווט גאָט אין דער וויסטע.
15 און ער האָט זיי געגעבן זייער פאַרלאַנג,
אָבער ער האָט געשיקט אַ דער אין זייער לייב.

16 און זיי האָבן זיך מקנא געווען אָן משהן אין לאַגער,
און אָן אַהרן דעם הייליקן פון גאָט.
17 האָט די ערד זיך געעפנט, און אַײנגעשלונגען דָתָנען,
און צוגעדעקט דאָס געזעמל פון אַבירָמען.

18 און אַ פייער האָט זיך אָנגעצונדן אין זייער געזעמל,
אַ פלאַם האָט פאַרבּרענט די רשעים.

19 זיי האָבן געמאַכט אַ קאַלב אין חורֵב,
און זיך געבּוקט צו אַ געגאָסענעם געץ.
20 און זיי האָבן פאַרבּיטן זייער כּבוד
אויף דער געשטאַלט פון אַן אָקס וואָס עסט גראָז.
21 זיי האָבן פאַרגעסן אָן גאָט זייער העלפער,
וואָס האָט געטאָן גרויסע זאַכן אין מִצרַיִם,
22 וווּנדער אין לאַנד פון חָם,
פאָרכטיקע זאַכן ביים ים־סוף.
23 און ער האָט געוואָלט זיי פאַרטיליקן,
ווען ניט משה זיין אויסדערווײלטער
וואָלט זיך געשטעלט פאַר אים אין דעם בּראָך,
אָפּצוהאַלטן זיין גרימצאָרן פון אומבּרענגען.

24 און זיי האָבן פאַראַכט דאָס גלוסטיקע לאַנד,
ניט געגלויבט אין זיין וואָרט.
25 און זיי האָבן געמורמלט אין זייערע געצעלטן,
ניט צוגעהערט צו דעם קָול פון גאָט.
26 און ער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט[א] וועגן זיי,
זיי צו מאַכן פאַלן אין דער מדבּר,

[א] נעשוואָרן.

27 און צעוואַרפן זייער זאָמען צווישן די פעלקער,
און זיי צעשפּרייטן אין די לענדער.

26 און זיי האָבן זיך באַהעפט אָן דעם בַּעל פון פְּעוֹר,
און געגעסן שלאַכטאָפּפער צו טויטע.
29 און זיי האָבן דערכּעַסט מיט זייערע מעשׂים,
און אַ מגפה האָט אויסגעבּראָכן צווישן זיי.
30 און פינחס איז אויפגעשטאַנען, און האָט אַ משפּט געטאָן,
און די מגפה איז פאַרהאַלטן געוואָרן.
31 און עס איז אים גערעכנט געוואָרן פאַר אַ גערעכטיקייט,
אויף דור־דורות בּיז אייבּיק.

32 און זיי האָבן דערצערנט בּיי די וואַסערן פון מריבה,
און משהן איז געשען בּייז פון וועגן זיי;
33 וואָרום זיי האָבן פאַרבּיטערט זיין געמיט,
און ער האָט זיך אַרויסגערעדט מיט זיינע ליפּן.
34 זיי האָבן ניט פאַרטיליקט די פעלקער,
אַזוי ווי גאָט האָט זיי אָנגעזאָגט.
35 און זיי האָבן זיך געמישט מיט די פעלקער,
און זיך אָפּגעלערנט זייערע מעשׂים.
36 און זיי האָבן געדינט זייערע געצנבּילדער,

וואָס זיינען געוואָרן אַ שטרויכלונג פאַר זיי.
37 און זיי האָבן געשלאַכט זייערע זין
און זייערע טעכטער צו די שדים,
38 און האָבן פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט,
דאָס בלוט פון זייערע זין און זייערע טעכטער,
וואָס זיי האָבן געשלאַכט צו די געצנבילדער פון כּנַעַן;
און דאָס לאַנד איז זינדיק געוואָרן דורך בלוט.
39 און זיי זיינען געוואָרן אומריין דורך זייערע מעשׂים,
און פאַרפירט געוואָרן אין זייערע טואונגען.
40 און דער צאָרן פון גאָט האָט געגרימט אויף זיין פאָלק,
און ער האָט פאַראומווערדיקט זיין אַרבֿ.
41 און ער האָט זיי געגעבן אין דער האַנט פון די פעלקער,
און זייערע שׂונאים האָבן געוועלטיקט איבער זיי.
42 און זייערע פיינט האָבן זיי געדריקט,
און זיי זיינען אונטערטעניק געוואָרן אונטער זייער
האַנט.
43 פיל מאָל פלעגט ער זיי מציל זיין,
אָבער זיי פלעגן ווידערשפעניקן אין זייער באַראָט,
און זיינען אַראָפּגעקומען דורך זייער זינד.
44 און ער האָט צוגעזען זייער נויט,
אַז ער האָט געהערט זייער געשריי.
45 און ער האָט זיי געדענקט זיין בונד,
און זיך באַדאַכט לויט זיין גרויס גענאָד.
46 און ער האָט זיי געגעבן דערבאַרימונג
ביי אַלע זייערע פאַנגער.
47 העלף אונדז, יהוה אונדזער גאָט,
און זאַמל אונדז איין פון די פעלקער,
צו דאַנקען דיין הייליקן נאָמען,
זיך צו רימען מיט דיין לויב.
48 געלויבט איז יהוה דער גאָט פון ישׂראל
פון אייביקייט און ביז אייביקייט,
און זאָל דאָס גאַנצע פאָלק זאָגן: אָמן!
הַלְלוּיָה.

לז עֲצַבֵּיהֶם וַיִּהְיוּ לָהֶם לְמוֹקֵשׁ׃ וַיִּזְבְּחוּ אֶת־בְּנֵיהֶם וְאֶת־
לח בְּנוֹתֵיהֶם לַשֵּׁדִים׃ וַיִּשְׁפְּכוּ דָם נָקִי דַּם־בְּנֵיהֶם וּבְנוֹתֵיהֶם
לט אֲשֶׁר זִבְּחוּ לַעֲצַבֵּי כְנָעַן וַתֶּחֱנַף הָאָרֶץ בַּדָּמִים׃ וַיִּטְמְאוּ
מ בְמַעֲשֵׂיהֶם וַיִּזְנוּ בְּמַעַלְלֵיהֶם׃ וַיִּחַר־אַף יְהוָה בְּעַמּוֹ
מא וַיְתָעֵב אֶת־נַחֲלָתוֹ׃ וַיִּתְּנֵם בְּיַד־גּוֹיִם וַיִּמְשְׁלוּ בָהֶם
מב מג שֹׂנְאֵיהֶם׃ וַיִּלְחָצוּם אוֹיְבֵיהֶם וַיִּכָּנְעוּ תַּחַת יָדָם׃ פְּעָמִים
מד רַבּוֹת יַצִּילֵם וְהֵמָּה יַמְרוּ בַעֲצָתָם וַיָּמֹכּוּ בַּעֲוֺנָם׃ וַיַּרְא
מה בַּצַּר לָהֶם בְּשָׁמְעוֹ אֶת־רִנָּתָם׃ וַיִּזְכֹּר לָהֶם בְּרִיתוֹ
מו וַיִּנָּחֵם כְּרֹב חֲסָדָו׃ וַיִּתֵּן אוֹתָם לְרַחֲמִים לִפְנֵי כָּל־
מז שׁוֹבֵיהֶם׃ הוֹשִׁיעֵנוּ ׀ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וְקַבְּצֵנוּ מִן־הַגּוֹיִם
מח לְהֹדוֹת לְשֵׁם קָדְשֶׁךָ לְהִשְׁתַּבֵּחַ בִּתְהִלָּתֶךָ׃ בָּרוּךְ יְהוָה ׀
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מִן־הָעוֹלָם ׀ וְעַד הָעוֹלָם וְאָמַר כָּל־הָעָם
אָמֵן הַלְלוּ־יָהּ׃

## ספר חמישי

## קז

א ב הֹדוּ לַיהוָה כִּי־טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ יֹאמְרוּ גְּאוּלֵי יְהוָה
ג אֲשֶׁר גְּאָלָם מִיַּד־צָר׃ וּמֵאֲרָצוֹת קִבְּצָם מִמִּזְרָח וּמִמַּעֲרָב
ד מִצָּפוֹן וּמִיָּם׃ תָּעוּ בַמִּדְבָּר בִּישִׁימוֹן דָּרֶךְ עִיר מוֹשָׁב לֹא
ה ו מָצָאוּ׃ רְעֵבִים גַּם־צְמֵאִים נַפְשָׁם בָּהֶם תִּתְעַטָּף׃ וַיִּצְעֲקוּ
ז אֶל־יְהוָה בַּצַּר לָהֶם מִמְּצוּקוֹתֵיהֶם יַצִּילֵם׃ וַיַּדְרִיכֵם
ח בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה לָלֶכֶת אֶל־עִיר מוֹשָׁב׃ יוֹדוּ לַיהוָה חַסְדּוֹ
ט וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם׃ כִּי־הִשְׂבִּיעַ נֶפֶשׁ שֹׁקֵקָה וְנֶפֶשׁ
י רְעֵבָה מִלֵּא־טוֹב׃ יֹשְׁבֵי חֹשֶׁךְ וְצַלְמָוֶת אֲסִירֵי עֳנִי וּבַרְזֶל׃
יא יב כִּי־הִמְרוּ אִמְרֵי־אֵל וַעֲצַת עֶלְיוֹן נָאָצוּ׃ וַיַּכְנַע בֶּעָמָל לִבָּם
יג כָּשְׁלוּ וְאֵין עֹזֵר׃ וַיִּזְעֲקוּ אֶל־יְהוָה בַּצַּר לָהֶם מִמְּצֻקוֹתֵיהֶם

קו, מה׳ חסדיו קרי

## פינפטער ספר.

קז 1 „גיט אַ דאַנק צו גאָט, וואָרום ער איז גוט,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד“,
2 זאָלן זאָגן די אויסגעלייזטע פון גאָט,
וואָס ער האָט זיי אויסגעלייזט פון דער האַנט פון פיינט,
3 און פון די לענדער זיי איינגעזאַמלט,
פון מזרח און פון מערב,
פון צפון און פון ים.

4 זיי האָבן געבלאָנדזשעט אין מדבר אויף אַ וויסטן וועג,
קיין שטאָט פון ישוב ניט געפונען.
5 הונגעריקע און דאָרשטיקע,
איז זייער זעל געווען פאַרחלשט אין זיי.
6 האָבן זיי געשריען צו גאָט אין זייער נויט,
און ער האָט זיי מציל געווען פון זייער קלעם.
7 און ער האָט זיי געפירט אויף אַ גלייכן וועג,
צו קומען צו אַ שטאָט פון ישוב.
8 זיי דאַרפן דאַנקען גאָט פאַר זיין חסד,
און פאַר זיינע וווּנדער צו די מענטשנקינדער.
9 וואָרום ער האָט געזעטיקט די פאַרשמאַכטע זעל,
און די הונגעריקע זעל האָט ער אָנגעפילט מיט
גוטס.

10 די וואָס זיינען געזעסן אין פינצטערניש און טויט־
שאָטן,
געקייט אין פיין און אַייזן—
11 ווייל זיי האָבן ווידערשפעניקט די ווערטער פון גאָט,
און די עצה פון דעם אויבערשטן געלעסטערט;
12 און ער האָט אונטערטעניקט מיט לייד זייער האַרץ;
זיי זיינען געשטרויכלט געוואָרן, און ניט געווען קיין
העלפער—
13 האָבן זיי געשריען צו גאָט אין זייער נויט,
און ער האָט זיי געהאָלפן פון זייער קלעם.

יד יְֽשִׁיעֵם׃ יֽוֹצִיאֵם מֵחֹשֶׁךְ וְצַלְמָוֶת וּמוֹסְרוֹתֵיהֶם יְנַתֵּק׃
טו טז יוֹדוּ לַיהוָה חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם׃ כִּֽי־שִׁבַּר דַּלְתוֹת
יז נְחֹשֶׁת וּבְרִיחֵי בַרְזֶל גִּדֵּעַ׃ אֱוִלִים מִדֶּרֶךְ פִּשְׁעָם
יח וּמֵעֲוֺנֹתֵיהֶם יִתְעַנּוּ׃ כָּל־אֹכֶל תְּתַעֵב נַפְשָׁם וַיַּגִּיעוּ עַד־
יט שַׁעֲרֵי מָוֶת׃ וַיִּזְעֲקוּ אֶל־יְהוָה בַּצַּר לָהֶם מִמְּצֻקוֹתֵיהֶם
כ יוֹשִׁיעֵם׃ יִשְׁלַח דְּבָרוֹ וְיִרְפָּאֵם וִימַלֵּט מִשְּׁחִיתוֹתָם׃
כא כב יוֹדוּ לַיהוָה חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם׃ וְיִזְבְּחוּ זִבְחֵי
כג תוֹדָה וִיסַפְּרוּ מַעֲשָׂיו בְּרִנָּה׃ ׆ יוֹרְדֵי הַיָּם בָּאֳנִיּוֹת עֹשֵׂי
כד מְלָאכָה בְּמַיִם רַבִּים׃ ׆ הֵמָּה רָאוּ מַעֲשֵׂי יְהוָה וְנִפְלְאוֹתָיו
כה בִּמְצוּלָה׃ ׆ וַיֹּאמֶר וַיַּעֲמֵד רוּחַ סְעָרָה וַתְּרוֹמֵם גַּלָּיו׃
כו ׆ יַעֲלוּ שָׁמַיִם יֵרְדוּ תְהוֹמוֹת נַפְשָׁם בְּרָעָה תִתְמוֹגָג׃ ׆
כז כח יָחוֹגּוּ וְיָנוּעוּ כַּשִּׁכּוֹר וְכָל־חָכְמָתָם תִּתְבַּלָּע׃ ׆ וַיִּצְעֲקוּ אֶל־
כט יְהוָה בַּצַּר לָהֶם וּמִמְּצוּקֹתֵיהֶם יוֹצִיאֵם׃ יָקֵם סְעָרָה
ל לִדְמָמָה וַיֶּחֱשׁוּ גַּלֵּיהֶם׃ וַיִּשְׂמְחוּ כִי־יִשְׁתֹּקוּ וַיַּנְחֵם אֶל־
לא מְחוֹז חֶפְצָם׃ יוֹדוּ לַיהוָה חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם׃
לב לג וִירֹמְמוּהוּ בִּקְהַל־עָם וּבְמוֹשַׁב זְקֵנִים יְהַלְלוּהוּ׃ יָשֵׂם
לד נְהָרוֹת לְמִדְבָּר וּמֹצָאֵי מַיִם לְצִמָּאוֹן׃ אֶרֶץ פְּרִי לִמְלֵחָה
לה מֵרָעַת יֹשְׁבֵי בָהּ׃ יָשֵׂם מִדְבָּר לַאֲגַם־מַיִם וְאֶרֶץ צִיָּה
לו לְמֹצָאֵי מָיִם׃ וַיּוֹשֶׁב שָׁם רְעֵבִים וַיְכוֹנְנוּ עִיר מוֹשָׁב׃
לז לח וַיִּזְרְעוּ שָׂדוֹת וַיִּטְּעוּ כְרָמִים וַיַּעֲשׂוּ פְּרִי תְבוּאָה׃ וַיְבָרְכֵם
לט וַיִּרְבּוּ מְאֹד וּבְהֶמְתָּם לֹא יַמְעִיט׃ וַיִּמְעֲטוּ וַיָּשֹׁחוּ מֵעֹצֶר
מ רָעָה וְיָגוֹן׃ ׆ שֹׁפֵךְ בּוּז עַל־נְדִיבִים וַיַּתְעֵם בְּתֹהוּ לֹא־
מא מב דָרֶךְ׃ וַיְשַׂגֵּב אֶבְיוֹן מֵעוֹנִי וַיָּשֶׂם כַּצֹּאן מִשְׁפָּחוֹת׃ יִרְאוּ
מג יְשָׁרִים וְיִשְׂמָחוּ וְכָל־עַוְלָה קָפְצָה פִּיהָ׃ מִי־חָכָם וְיִשְׁמָר־
אֵלֶּה וְיִתְבּוֹנְנוּ חַסְדֵי יְהוָה׃

קח

א ב שִׁיר מִזְמוֹר לְדָוִד׃ נָכוֹן לִבִּי אֱלֹהִים אָשִׁירָה וַאֲזַמְּרָה

קז, כג׳ כד׳ כה׳ כו׳ כז׳ כח׳ מ׳ נונין מנוזרות
כז׳ חולם מלא עם הדגש לה׳ פתח באתנח מג׳ בנ״א הד׳ רפה

14 ער האָט זיי אַרויסגעצויגן פון פינצטערניש און טויט־
שאָטן,
און זייערע בינדשטריק האָט ער צעריסן.
15 זיי דאַרפן דאַנקען גאָט פאַר זיין חסד,
און פאַר זיינע וווּנדער צו די מענטשנקינדער.
16 וואָרום ער האָט צעבראָכן די קופּערנע טירן,
און די אײַזערנע ריגלען צעהאַקט.

17 נאַרן האָבן פאַר זייער זינדיקן וועג
און פאַר זייערע פאַרברעכן געליטן;
18 זייער זעל האָט זיך געעקלט מיט איטלעכער שפּייז,
און זיי האָבן דערגרייכט ביז די טויערן פון טויט.
19 האָבן זיי געשריען צו גאָט אין זייער נויט,
און ער האָט זיי געהאָלפן פון זייער קלעם.
20 ער האָט געשיקט זיין וואָרט און זיי געהיילט,
און געמאַכט אַנטרינען פון זייערע קברים.
21 זיי דאַרפן דאַנקען גאָט פאַר זיין חסד,
און פאַר זיינע וווּנדער צו די מענטשנקינדער.
22 און זיי דאַרפן שלאַכטן דאַנקאָפּפער,
און דערציילן זיינע מעשׂים מיט געזאַנג.

23 די וואָס נידערן אין שיפן אויפן ים,
די וואָס טוען מסחר אויף גרויסע וואַסערן,
24 זיי האָבן געזען די מעשׂים פון גאָט,
און זיינע וווּנדער אויף דער טיפעניש.
25 וואָרום ער האָט געהייסן און געמאַכט אויפשטיין אַ
שטורעמווינט,
וואָס האָט אויפגעהויבן זיינע אינדן.
26 זיי זיינען אַרויף ביזן הימל, געגידערט ביז די תהומען,
זייער זעל איז צעגאַנגען פון אַנגסט.
27 זיי האָבן זיך געדרייט און געוואָרפן ווי אַ שיכּורער,
און זייער גאַנצע חכמה איז צעמישט געוואָרן.
28 האָבן זיי געשריען צו גאָט אין זייער נויט,
און ער האָט זיי אַרויסגעצויגן פון זייער קלעם.
29 ער האָט אײַנגעשטעלט דעם שטורעם אין שטילקייט,
און אַנטשוויגן געוואָרן זיינען די אינדן.
30 און זיי האָבן זיך געפרייט וואָס זיי זיינען אײַנגעשטילט,

און ער האָט זיי געפירט צו דעם באָרטן פון זייער
באַגער.
31 זיי דאַרפן דאַנקען גאָט פאַר זיין חסד,
און פאַר זיינע וווּנדער צו די מענטשנקינדער.
32 און זיי דאַרפן אים דערהייבן אין דער אײַנזאַמלונג
פון פאָלק,
און אין דער זיצונג פון די עלטסטע אים לויבן.

33 ער מאַכט שטראָמען פאַר אַ מדבר,
און אויסגאַנגען וואַסער פאַר אַ דאָרשטענישא;
34 אַ פרוכטיק לאַנד פאַר אַ זאַלצוויסטעניש,
פון וועגן דער שלעכטיקייט פון די וווינער אין איר.
35 ער מאַכט אַ מדבר פאַר אַ טייך וואַסער,
און אַ טרוקן לאַנד פאַר אויסגאַנגען וואַסער.
36 און ער באַזעצט דאָרטן די הונגעריקע,
און זיי שטעלן אויף אַ שטאָט פון ישוב.
37 און זיי פאַרזייען פעלדער, און פלאַנצן ווייַנגערטנער,
וואָס ברענגען פרוכט צום אײַנקום.

א וואָרטשפּיל: וּמֹצָאֵי מַיִם לְצִמָּאוֹן.

38 און ער בענטשט זיי, און זיי מערן זיך זייער,
און ער לאָזט ניט זייערע בהמות זיין ווינציק.
39 און אַנדערע ווערן געמינערט און געבויגן,
פון דער דריקעניש פון אומגליק און קומער.
40 ער גיסט אויס פאַראַכטונג אויף פירשטן,
און מאַכט זיי בלאָנדזשען אין אַ וויסטע אָן אַ וועג.
41 און ער הייבט אויף דעם אביון פון אָרימקייט,
און מאַכט ווי שאָף זיינע משפחות.
42 די רעכטפאַרטיקע זעען און פרייען זיך,
און איטלעך אומרעכט מאַכט צו זיין מויל.

43 ווער עס איז קלוג, זאָל מערקן דאָסדאָזיקע,
און זאָלן זיי באַטראַכטן די חסדים פון גאָט.

# קח

1 אַ געזאַנג, אַ מִזמור פון דודן.
2 פעסט איז מיין האַרץ, גאָט,
איך וועל זינגען און שפּילן,

יאָ, מיט מיין זעלא.

3 דערוועק דיך, גיטאַר און האַרף;
לאָמיך אויפוועקן דעם באַגינען.
4 איך וועל דיך לויבן, גאָט, צווישן די פעלקער,
און דיך באַזינגען צווישן די אומות.
5 וואָרום גרויס איבער די הימלען איז דיין חסד,
און ביז די וואָלקן דיין טריישאַפט.
6 דערהייב דיך איבער די הימלען, גאָט,
און איבער דער גאַנצער ערד זאָל זיין דיין כבוד.
7 כדי דיינע באַליבטע זאָלן דערלייזט ווערן,
העלף מיט דיין רעכטער האַנט, און ענטפער מיר.

8 גאָט האָט גערעדט אין זיין הייליקייט,
אַז איך וועל דערפרייט ווערן;
איך וועל צעטיילן שכם,
און דעם טאָל סוכות וועל איך אויסמעסטן.
9 מיין איז גלעָד, מיין איז מנשה,
און אפרים איז דער קיווער פון מיין קאָפּ;
יהודה איז מיין צעפּטער.
10 מואָב איז מיין וואַשטאָפּ,
אויף אֶדום וואַרף איך מיין שוך,
איבער פלֶשֶת טו איך שאַלן.

11 ווער ברענגט מיך צו דער באַפעסטיקטער שטאָט,
ווער פירט מיך קיין אֶדום?
12 פאַרוואָר, גאָט, האָסט אונדז פאַרלאָזט,
און גייסט ניט אַרויס, גאָט, מיט אונדזערע מחנות.
13 גיב אונדז הילף קעגן דעם פיינט,
וואָרום נישטיק איז די ישועה פון אַ מענטשן.
14 מיט גאָט וועלן מיר אויפטאָן גבורות,
און ער וועט צעטרעטן אונדזערע פיינט.

## קט

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; פון דודן אַ מִזמור.
גאָט פון מיין לויב, זאָלסט ניט שווייגן.
2 וואָרום אַ בייז מויל און אַ מויל פון באַטרוג
האָבן זיי געעפנט אויף מיר;
זיי האָבן גערעדט צו מיר מיט אַ צונג פון ליגן.
3 און מיט רייד פון שנאה האָבן זיי מיך אַרומגערינגלט,
און געשטריטן קעגן מיר פאַר אומזיסט,
4 פאַר מיין ליבשאַפט פיינטן זיי מיך,
בעת איך בין לויטער געבעט.
5 און זיי האָבן מיר אָפּגעטאָן אַ רעה פאַר אַ טובה,
און שנאה פאַר מיין ליבשאַפט.

6 זעץ אָן אויף אים אַ רשע,
און אַן אָנקלאָגער זאָל שטיין ביי זיין רעכטער זייט.
7 אַז ער ווערט געמשפּט, זאָל ער אַרויסגיין שולדיק,
און זיין תּפילה זאָל ווערן צו זינד.
8 זיינע טעג זאָלן זיין ווינציק,
זיין אָפּגעשפּאָרטס זאָל צונעמען אַן אַנדערער.
9 זיינע קינדער זאָלן ווערן יתומים,
און זיין ווייב אַן אַלמנה.
10 און וואָגלען זאָלן וואָגלען זיינע קינדער, און בעטלען,
און זוכן [ברויט] פון זייערע חורבות אַרויס.
11 פאַרנעמען זאָל אַ בעל־חוב אַלץ וואָס ער האָט,

א אין טעקסט: כָּבוֹדִי.

ג ד אַף־כְּבוֹדִי׃ עוּרָה הַנֵּבֶל וְכִנּוֹר אָעִירָה שָּׁחַר׃ אוֹדְךָ
ה בָעַמִּים ׀ יְהוָה וַאֲזַמֶּרְךָ בַּלְאֻמִּים׃ כִּי־גָדוֹל מֵעַל־שָׁמַיִם
ו חַסְדֶּךָ וְעַד־שְׁחָקִים אֲמִתֶּךָ׃ רוּמָה עַל־שָׁמַיִם אֱלֹהִים
ז וְעַל כָּל־הָאָרֶץ כְּבוֹדֶךָ׃ לְמַעַן יֵחָלְצוּן יְדִידֶיךָ הוֹשִׁיעָה
ח יְמִינְךָ וַעֲנֵנִי׃ אֱלֹהִים ׀ דִּבֶּר בְּקָדְשׁוֹ אֶעְלֹזָה אֲחַלְּקָה שְׁכֶם
ט וְעֵמֶק סֻכּוֹת אֲמַדֵּד׃ לִי גִלְעָד ׀ לִי מְנַשֶּׁה וְאֶפְרַיִם מָעוֹז
י רֹאשִׁי יְהוּדָה מְחֹקְקִי׃ מוֹאָב ׀ סִיר רַחְצִי עַל־אֱדוֹם
יא אַשְׁלִיךְ נַעֲלִי עֲלֵי־פְלֶשֶׁת אֶתְרוֹעָע׃ מִי יֹבִלֵנִי עִיר מִבְצָר
יב מִי נָחַנִי עַד־אֱדוֹם׃ הֲלֹא־אֱלֹהִים זְנַחְתָּנוּ וְלֹא־תֵצֵא אֱלֹהִים
יג בְּצִבְאֹתֵינוּ׃ הָבָה־לָּנוּ עֶזְרָת מִצָּר וְשָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם׃
יד בֵּאלֹהִים נַעֲשֶׂה־חָיִל וְהוּא יָבוּס צָרֵינוּ׃

## קט

א ב לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד מִזְמוֹר אֱלֹהֵי תְהִלָּתִי אַל־תֶּחֱרַשׁ׃ כִּי פִי
ג רָשָׁע וּפִי־מִרְמָה עָלַי פָּתָחוּ דִּבְּרוּ אִתִּי לְשׁוֹן שָׁקֶר׃ וְדִבְרֵי
ד שִׂנְאָה סְבָבוּנִי וַיִּלָּחֲמוּנִי חִנָּם׃ תַּחַת־אַהֲבָתִי יִשְׂטְנוּנִי
ה וַאֲנִי תְפִלָּה׃ וַיָּשִׂימוּ עָלַי רָעָה תַּחַת טוֹבָה וְשִׂנְאָה תַּחַת
ו אַהֲבָתִי׃ הַפְקֵד עָלָיו רָשָׁע וְשָׂטָן יַעֲמֹד עַל־יְמִינוֹ׃
ז ח בְּהִשָּׁפְטוֹ יֵצֵא רָשָׁע וּתְפִלָּתוֹ תִּהְיֶה לַחֲטָאָה׃ יִהְיוּ־יָמָיו
ט מְעַטִּים פְּקֻדָּתוֹ יִקַּח אַחֵר׃ יִהְיוּ־בָנָיו יְתוֹמִים וְאִשְׁתּוֹ
י אַלְמָנָה׃ וְנוֹעַ יָנוּעוּ בָנָיו וְשִׁאֵלוּ וְדָרְשׁוּ מֵחָרְבוֹתֵיהֶם׃
יא יב יְנַקֵּשׁ נוֹשֶׁה לְכָל־אֲשֶׁר־לוֹ וְיָבֹזּוּ זָרִים יְגִיעוֹ׃ אַל־יְהִי לוֹ
יג מֹשֵׁךְ חָסֶד וְאַל־יְהִי חוֹנֵן לִיתוֹמָיו׃ יְהִי־אַחֲרִיתוֹ לְהַכְרִית
יד בְּדוֹר אַחֵר יִמַּח שְׁמָם׃ יִזָּכֵר ׀ עֲוֹן אֲבֹתָיו אֶל־יְהוָה
טו וְחַטַּאת אִמּוֹ אַל־תִּמָּח׃ יִהְיוּ נֶגֶד־יְהוָה תָּמִיד וְיַכְרֵת
טז מֵאֶרֶץ זִכְרָם׃ יַעַן אֲשֶׁר לֹא זָכַר עֲשׂוֹת חָסֶד וַיִּרְדֹּף אִישׁ־
יז עָנִי וְאֶבְיוֹן וְנִכְאֵה לֵבָב לְמוֹתֵת׃ וַיֶּאֱהַב קְלָלָה וַתְּבוֹאֵהוּ
יח וְלֹא־חָפֵץ בִּבְרָכָה וַתִּרְחַק מִמֶּנּוּ׃ וַיִּלְבַּשׁ קְלָלָה כְּמַדּוֹ

קח, ז׳ כן כתיב וקרי   קט, א׳ פתח בס״פ

און פרעמדע זאָלן אַוועקרויבן זיין מי.
12 קיינער זאָל ניט נייגן צו אים גענאָד,
און קיינער זאָל ניט לייטזעליקן זיינע יתומים.
13 זיין נאָכקום זאָל פאַרשניטן ווערן;
אין אַנדער דָור זאָל זייער נאָמען זיין אויסגעמעקט.
14 זאָל די זינד פון זיינע פאָטערס דערמאָנט ווערן פאַר גאָט,
און דער חטא פון זיין מוטער זאָל ניט פאַרמעקט ווערן;
15 זיי זאָלן זיין אַנטקעגן גאָט תּמיד,
און ער זאָל פאַרשניידן פון דער ערד זייער געדעכעניש.
16 פאַרוואָס ער האָט ניט געדאַכט צו טאָן חסד,
און ער האָט גערודפט דעם אָרימאַן און דעם אביון,
און דעם וואָס זיין האַרץ איז באַטריבט, צו טייטן.
17 יאָ, ער האָט ליב געהאַט די קללה,
טאָ זאָל זי אים אָנקומען;
און ער האָט ניט געוווּנטשן קיין ברכה,
טאָ זאָל זי ווייט זיין פון אים.
18 און ער האָט אָנגעטאָן די קללה ווי זיין קלייד,

וַתָּבֹא כַמַּיִם בְּקִרְבּוֹ וְכַשֶּׁמֶן בְּעַצְמוֹתָיו׃ תְּהִי לוֹ כְּבֶגֶד יט
יַעְטֶה וּלְמֵזַח תָּמִיד יַחְגְּרֶהָ׃ זֹאת פְּעֻלַּת שֹׂטְנַי מֵאֵת יְהוָה כ
וְהַדֹּבְרִים רָע עַל־נַפְשִׁי׃ וְאַתָּה ׀ יֱהוִה אֲדֹנָי עֲשֵׂה־אִתִּי כא
לְמַעַן שְׁמֶךָ כִּי טוֹב חַסְדְּךָ הַצִּילֵנִי׃ כִּי־עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנֹכִי כב
וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי׃ כְּצֵל כִּנְטוֹתוֹ נֶהֱלָכְתִּי נִנְעַרְתִּי כג
כָּאַרְבֶּה׃ בִּרְכַּי כָּשְׁלוּ מִצּוֹם וּבְשָׂרִי כָּחַשׁ מִשָּׁמֶן׃ וַאֲנִי ׀ כד כה
הָיִיתִי חֶרְפָּה לָהֶם יִרְאוּנִי יְנִיעוּן רֹאשָׁם׃ עָזְרֵנִי יְהוָה כו
אֱלֹהָי הוֹשִׁיעֵנִי כְחַסְדֶּךָ׃ וְיֵדְעוּ כִּי־יָדְךָ זֹּאת אַתָּה יְהוָה כז
עֲשִׂיתָהּ׃ יְקַלְלוּ הֵמָּה וְאַתָּה תְבָרֵךְ קָמוּ ׀ וַיֵּבֹשׁוּ וְעַבְדְּךָ כח
יִשְׂמָח׃ יִלְבְּשׁוּ שׂוֹטְנַי כְּלִמָּה וְיַעֲטוּ כַמְעִיל בָּשְׁתָּם׃ אוֹדֶה כט ל
יְהוָה מְאֹד בְּפִי וּבְתוֹךְ רַבִּים אֲהַלְלֶנּוּ׃ כִּי־יַעֲמֹד לִימִין לא
אֶבְיוֹן לְהוֹשִׁיעַ מִשֹּׁפְטֵי נַפְשׁוֹ׃

## קי

לְדָוִד מִזְמוֹר נְאֻם יְהוָה ׀ לַאדֹנִי שֵׁב לִימִינִי עַד־אָשִׁית א
אֹיְבֶיךָ הֲדֹם לְרַגְלֶיךָ׃ מַטֵּה עֻזְּךָ יִשְׁלַח יְהוָה מִצִּיּוֹן רְדֵה ב
בְּקֶרֶב אֹיְבֶיךָ׃ עַמְּךָ נְדָבֹת בְּיוֹם חֵילֶךָ בְּהַדְרֵי־קֹדֶשׁ ג
מֵרֶחֶם מִשְׁחָר לְךָ טַל יַלְדֻתֶיךָ׃ נִשְׁבַּע יְהוָה ׀ וְלֹא יִנָּחֵם ד
אַתָּה־כֹהֵן לְעוֹלָם עַל־דִּבְרָתִי מַלְכִּי־צֶדֶק׃ אֲדֹנָי עַל־ ה
יְמִינְךָ מָחַץ בְּיוֹם־אַפּוֹ מְלָכִים׃ יָדִין בַּגּוֹיִם מָלֵא גְוִיּוֹת ו
מָחַץ רֹאשׁ עַל־אֶרֶץ רַבָּה׃ מִנַּחַל בַּדֶּרֶךְ יִשְׁתֶּה עַל־כֵּן ז
יָרִים רֹאשׁ׃

## קיא

הַלְלוּיָהּ ׀ אוֹדֶה יְהוָה בְּכָל־לֵבָב בְּסוֹד יְשָׁרִים וְעֵדָה׃ א
גְּדֹלִים מַעֲשֵׂי יְהוָה דְּרוּשִׁים לְכָל־חֶפְצֵיהֶם׃ הוֹד־וְהָדָר ב ג
פָּעֳלוֹ וְצִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד׃ זֵכֶר עָשָׂה לְנִפְלְאוֹתָיו חַנּוּן ד
וְרַחוּם יְהוָה׃ טֶרֶף נָתַן לִירֵאָיו יִזְכֹּר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ׃ כֹּחַ ה ו
מַעֲשָׂיו הִגִּיד לְעַמּוֹ לָתֵת לָהֶם נַחֲלַת גּוֹיִם׃ מַעֲשֵׂי יָדָיו ז
אֱמֶת וּמִשְׁפָּט נֶאֱמָנִים כָּל־פִּקּוּדָיו׃ סְמוּכִים לָעַד לְעוֹלָם ח

טאָ זאָל זי אַריין ווי וואַסער אין זיינע אינגעווייד,
און ווי אייל אין זיינע ביינער.
19 זאָל זי אים זיין ווי אַ בגד וואָס ער טוט אָן,
און פאַר אַ גאַרטל זאָל ער עס אָנגורטן תּמיד.
20 דאָס זאָל זיין דער לוין פון גאָט צו מיינע שׂונאים,
און צו די וואָס רעדן בייז אַקעגן מיין זעל.
21 און דו גאָט דער האַר, טו מיט מיר פון דיין נאָמען וועגן,
ווייל דיין חסד איז גוט, זיי מיך מציל.
22 וואָרום אָרים און באַדערפטיק בין איך,
און מיין האַרץ איז צעלעכערט אין מיר.
23 אַזוי ווי אַ שאָטן ווען ער נייגט זיך, פאַרגיי איך,
איך בין אָפּגעטרייסלט געוואָרן ווי אַ היישעריק.
24 מיינע קני שטרויכלען פון פאַסטן,
און מיין לייב איז אָפּגעצערט, אָן פעטקייט.
25 און איך בין געוואָרן אַ חרפּה ביי זיי,
אַז זיי זעען מיך, שאָקלען זיי זייער קאָפּ.

26 שטיי מיר ביי, יהוה מיין גאָט,
העלף מיך לויט דיין גענאָד.
27 און זאָלן זיי וויסן אַז דאָס איז דיין האַנט,
אַז דו, גאָט, האָסט דאָס געטאָן.
28 זאָלן זיי שילטן, און דו זאָלסט בענטשן;
אַז זיי שטייען אויף, זאָלן זיי פאַרשעמט ווערן,
און דיין קנעכט זאָל זיך פרייען.
29 זאָלן מיינע פיינט זיך באַקליידן מיט שאַנד,
און אָנטאָן ווי אַ מאַנטל זייער בושה.
30 איך וועל געבן גרויס דאַנק צו גאָט מיט מיין מויל,
און צווישן פיל מענטשן וועל איך אים לויבן.
31 וואָרום ער שטייט ביי דער רעכטער האַנט פון
באַדערפטיקן,
צו העלפן פון די וואָס פאַרמשפּטן זיין זעל.

## קי

1 פון דודן אַ מִזמור.
גאָט זאָגט צו מיין האַר:
זיץ ביי מיין רעכטער האַנט,
ביז איך וועל מאַכן דיינע פיינט
פאַר אַ בענקל צו דיינע פיס.
2 דעם צעפּטער פון דיין מאַכט וועט גאָט אויסשטרעקן
פון צִיון:
געוועלטיק צווישן דיינע פיינט.
3 דיין פאָלק באָט זיך אָן
אין טאָג פון דיין מלחמה;
אין הייליקער שיינקייט,
פון טראַכט פון באַגינען,
קומט דיר דער טוי פון דיין יוגנט.

4 גאָט האָט געשוואָרן, און וועט ניט חרטה האָבן:
ביסט אַ כֹּהן אויף אייביק,
אויפן שטייגער פון מַלכּי־צֶדֶק[א].
5 גאָט ביי דיין רעכטער האַנט
צעהאַקט מלכים אין טאָג פון זיין צאָרן.
6 ער וועט טאָן אַ משפּט צווישן די פעלקער;
ער פילט אָן מיט טויטע לייבער;
ער צעהאַקט קעפּ אויף אַ ברייטן לאַנד.
7 פון באַך אויפן וועג וועט ער טרינקען;
דרום וועט ער אויפהייבן דעם קאָפּ.

## קיא

1 הַלְלוּיָה.
א איך וועל לויבן גאָט מיטן גאַנצן האַרצן,
ב אין אַ געזעמל פון רעכטפאַרטיקע און אַן עדה.
ג 2 די ווערק פון גאָט זיינען גרויס,
ד זיי ווערן געפאָרשט פון אַלע וואָס גאַרן זיי.
ה 3 פּראַכט און שיינקייט איז זיין טואונג,
ו און זיין גערעכטיקייט באַשטייט אויף אייביק.
ז 4 ער האָט געמאַכט אַן אָנדענק פאַר זיינע וווּנדער;
ח גאָט איז דערבאַרימדיק און לייטזעליק.
ט 5 ער גיט שפּייז צו די וואָס פאָרכטן אים,
י ער געדענקט אויף אייביק זיין בונד.
כ 6 די שטאַרקייט פון זיינע ווערק האָט ער געוויזן זיין פאָלק,
ל כּדי זיי צו געבן די אַרב פון די פעלקער.
מ 7 די ווערק פון זיינע הענט זיינען אמת און גערעכטיקייט,
נ זיכער זיינען אַלע זיינע באַפעלן;
ס 8 אויפגעהאַלטן אויף אייביק און שטענדיק,

[א] זע בראשית יד, 18.

ע געמאַכט מיט אמת און יושר.
פ 9 אַן אויסלייזונג האָט ער געשיקט צו זיין פאָלק;
צ ער האָט באַפוילן אויף אייביק זיין בונד;
ק הייליק און פאָרכטיק איז זיין נאָמען.
ר 10 דער אָנהייב פון חכמה איז מורא פאַר גאָט;
ש ווילפאַרשטאַנדיקייט איז ביי אַלע וואָס טוען דאָס.
ת 11 זיין לויב באַשטייט אייביק.

## קיב

1 הַלְלוּיָה.
א ווויל צו דעם מאַן וואָס האָט מורא פאַר גאָט,
ב וואָס נאָך זיינע געבאָט טוט ער גאַרן זייער.
ג 2 מאַכטיק אין לאַנד וועט זיין זיין נאָמען;
ד דער דור פון די רעכטפאַרטיקע וועט זיין געבענטשט.
ה 3 גוטס און עשירות איז ביי אים אין הויז,
ו און זיין גערעכטיקייט באַשטייט אויף אייביק.
ז 4 ער שיינט פאַר די רעכטפאַרטיקע ווי אַ ליכט אין
דער פינצטער,
ח ער איז לייטזעליק און דערבאַרימדיק און גערעכט.
ט 5 גוט איז דער מאַן וואָס איז לייטזעליק און לייט,
י וואָס פירט זיינע זאַכן מיט גערעכטיקייט.
כ 6 וואָרום ער וועט קיינמאָל ניט אומפאַלן;
ל צו אייביקער געדעכעניש וועט זיין דער צדיק.
מ 7 פאַר אַ בייזער בשורה האָט ער ניט מורא,
נ פעסט איז זיין האַרץ, ער איז בטוח אויף גאָט.
ס 8 זיכער איז זיין האַרץ, ער האָט ניט קיין מורא,
ע ביז ער זעט זיך אָן אויף זיינע פיינט.
פ 9 ער טיילט פאַנאַנדער, ער גיט די באַדערפטיקע,
צ זיין צדקה באַשטייט אויף אייביק;
ק 10 זיין האָרן וועט דערהויבן זיין אין כבוד.
ר דער רשע וועט זען און זיך ערגערן,
ש זיינע ציין וועט ער קריצן און וועט צעגאַנגען ווערן;
ת 11 דער באַגער פון די רשעים וועט אונטערגיין.

## קיג

1 הַלְלוּיָה.
לויבט, איר קנעכט פון גאָט,
לויבט דעם נאָמען פון גאָט.
2 זאָל געבענטשט זיין דער נאָמען פון גאָט
פון אַצונד און ביז אייביק.
3 פון אויפגאַנג פון דער זון ביז איר אונטערגאַנג
ווערט געלויבט דער נאָמען פון גאָט.
4 גאָט איז דערהויבן איבער אַלע פעלקער,
איבער די הימלען איז זיין פראַכט.
5 ווער איז ווי יהוה אונדזער גאָט,
וואָס טראָנט אין דער הייך?
6 וואָס קוקט אַראָפּ טיף
אויף די הימלען און אויף דער ערד.
7 ער שטעלט אויף פון שטויב דעם אָרימאַן,
פון מיסטן דערהייבט ער דעם אביון,
8 צו זעצן מיט פירשטן,
מיט די פירשטן פון זיין פאָלק.
9 ער מאַכט די עקרה זיצן אין הויז
אַ פריילעכע מוטער פון קינדער.
הַלְלוּיָה.

## קיד

1 אַז ישׂראל איז אַרויס פון מִצרַיִם,
דאָס הויז פון יעקב פון אַ ווילדשפּראַכיקן
פאָלק,
2 איז יהודה געוואָרן פאַר זיין הייליקטום,
ישׂראל זיין געוועלטיקונג.
3 דער ים האָט דערזען און איז אַנטלאָפן,
דער יַרדן האָט אָפּגעטראָטן אַהינטער.
4 די בערג זיינען געשפּרונגען ווי ווידערס,
די הייכן ווי יונגע שאָף.
5 וואָס איז דיר, ים, וואָס דו לויפסט?
דו יַרדן, וואָס דו טרעטסט אָפּ אַהינטער?
6 איר בערג, וואָס איר שפּרינגט ווי ווידערס?
איר הייכן–ווי יונגע שאָף?
7 פאַר דעם האַר, טו ציטערן, ערד,

ט עֲשׂוּיִם בֶּאֱמֶת וְיָשָׁר׃ פְּדוּת ׀ שָׁלַח לְעַמּוֹ צִוָּה לְעוֹלָם
י בְּרִיתוֹ קָדוֹשׁ וְנוֹרָא שְׁמוֹ׃ רֵאשִׁית חָכְמָה ׀ יִרְאַת יְהוָה
שֵׂכֶל טוֹב לְכָל־עֹשֵׂיהֶם תְּהִלָּתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד׃

קיב

א הַלְלוּיָהּ ׀ אַשְׁרֵי־אִישׁ יָרֵא אֶת־יְהוָה בְּמִצְוֹתָיו חָפֵץ מְאֹד׃
ב ג גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דּוֹר יְשָׁרִים יְבֹרָךְ׃ הוֹן־וָעֹשֶׁר
ד בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד׃ זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים
ה חַנּוּן וְרַחוּם וְצַדִּיק׃ טוֹב אִישׁ חוֹנֵן וּמַלְוֶה יְכַלְכֵּל דְּבָרָיו
ו בְּמִשְׁפָּט׃ כִּי־לְעוֹלָם לֹא יִמּוֹט לְזֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק׃
ז ח מִשְּׁמוּעָה רָעָה לֹא יִירָא נָכוֹן לִבּוֹ בָּטֻחַ בַּיהוָה׃ סָמוּךְ
ט לִבּוֹ לֹא יִירָא עַד אֲשֶׁר־יִרְאֶה בְצָרָיו׃ פִּזַּר ׀ נָתַן לָאֶבְיוֹנִים
י צִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד קַרְנוֹ תָּרוּם בְּכָבוֹד׃ רָשָׁע יִרְאֶה ׀
וְכָעָס שִׁנָּיו יַחֲרֹק וְנָמָס תַּאֲוַת רְשָׁעִים תֹּאבֵד׃

קיג

א ב הַלְלוּיָהּ ׀ הַלְלוּ עַבְדֵי יְהוָה הַלְלוּ אֶת־שֵׁם יְהוָה׃ יְהִי שֵׁם
ג יְהוָה מְבֹרָךְ מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָם׃ מִמִּזְרַח־שֶׁמֶשׁ עַד־מְבוֹאוֹ
ד מְהֻלָּל שֵׁם יְהוָה׃ רָם עַל־כָּל־גּוֹיִם ׀ יְהוָה עַל הַשָּׁמַיִם
ה ו כְּבוֹדוֹ׃ מִי כַּיהוָה אֱלֹהֵינוּ הַמַּגְבִּיהִי לָשָׁבֶת׃ הַמַּשְׁפִּילִי
ז לִרְאוֹת בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ׃ מְקִימִי מֵעָפָר דָּל מֵאַשְׁפֹּת יָרִים
ח ט אֶבְיוֹן׃ לְהוֹשִׁיבִי עִם־נְדִיבִים עִם נְדִיבֵי עַמּוֹ׃ מוֹשִׁיבִי ׀
עֲקֶרֶת הַבַּיִת אֵם־הַבָּנִים שְׂמֵחָה הַלְלוּיָהּ׃

קיד

א ב בְּצֵאת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם בֵּית יַעֲקֹב מֵעַם לֹעֵז׃ הָיְתָה
ג יְהוּדָה לְקָדְשׁוֹ יִשְׂרָאֵל מַמְשְׁלוֹתָיו׃ הַיָּם רָאָה וַיָּנֹס הַיַּרְדֵּן
ד יִסֹּב לְאָחוֹר׃ הֶהָרִים רָקְדוּ כְאֵילִים גְּבָעוֹת כִּבְנֵי־צֹאן׃
ה ו מַה־לְּךָ הַיָּם כִּי תָנוּס הַיַּרְדֵּן תִּסֹּב לְאָחוֹר׃ הֶהָרִים
ז תִּרְקְדוּ כְאֵילִים גְּבָעוֹת כִּבְנֵי־צֹאן׃ מִלִּפְנֵי אָדוֹן חוּלִי

---

קיב, י׳ קמץ ברביע

ח אָרֶץ מִלִּפְנֵי אֱלוֹהַּ יַעֲקֹב׃ הַהֹפְכִי הַצּוּר אֲגַם־מָיִם חַלָּמִישׁ
לְמַעְיְנוֹ־מָיִם׃

קטו

א לֹא לָנוּ יְהוָה לֹא לָנוּ כִּי־לְשִׁמְךָ תֵּן כָּבוֹד עַל־חַסְדְּךָ
ב עַל־אֲמִתֶּךָ׃ לָמָּה יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם אַיֵּה־נָא אֱלֹהֵיהֶם׃
ג ד וֵאלֹהֵינוּ בַשָּׁמָיִם כֹּל אֲשֶׁר־חָפֵץ עָשָׂה׃ עֲצַבֵּיהֶם כֶּסֶף
ה וְזָהָב מַעֲשֵׂה יְדֵי אָדָם׃ פֶּה־לָהֶם וְלֹא יְדַבֵּרוּ עֵינַיִם לָהֶם
ו וְלֹא יִרְאוּ׃ אָזְנַיִם לָהֶם וְלֹא יִשְׁמָעוּ אַף־לָהֶם וְלֹא יְרִיחוּן׃
ז יְדֵיהֶם ׀ וְלֹא יְמִישׁוּן רַגְלֵיהֶם וְלֹא יְהַלֵּכוּ לֹא־יֶהְגּוּ
ח בִּגְרוֹנָם׃ כְּמוֹהֶם יִהְיוּ עֹשֵׂיהֶם כֹּל אֲשֶׁר־בֹּטֵחַ בָּהֶם׃
ט י יִשְׂרָאֵל בְּטַח בַּיהוָה עֶזְרָם וּמָגִנָּם הוּא׃ בֵּית אַהֲרֹן
יא בִּטְחוּ בַיהוָה עֶזְרָם וּמָגִנָּם הוּא׃ יִרְאֵי יְהוָה בִּטְחוּ בַיהוָה
יב עֶזְרָם וּמָגִנָּם הוּא׃ יְהוָה זְכָרָנוּ יְבָרֵךְ יְבָרֵךְ אֶת־בֵּית
יג יִשְׂרָאֵל יְבָרֵךְ אֶת־בֵּית אַהֲרֹן׃ יְבָרֵךְ יִרְאֵי יְהוָה הַקְּטַנִּים
יד עִם־הַגְּדֹלִים׃ יֹסֵף יְהוָה עֲלֵיכֶם עֲלֵיכֶם וְעַל־בְּנֵיכֶם׃
טו טז בְּרוּכִים אַתֶּם לַיהוָה עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ׃ הַשָּׁמַיִם שָׁמַיִם
יז לַיהוָה וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי־אָדָם׃ לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ־יָהּ
יח וְלֹא כָּל־יֹרְדֵי דוּמָה׃ וַאֲנַחְנוּ ׀ נְבָרֵךְ יָהּ מֵעַתָּה וְעַד־
עוֹלָם הַלְלוּ־יָהּ׃

קטז

א ב אָהַבְתִּי כִּי־יִשְׁמַע ׀ יְהוָה אֶת־קוֹלִי תַּחֲנוּנָי׃ כִּי־הִטָּה
ג אָזְנוֹ לִי וּבְיָמַי אֶקְרָא׃ אֲפָפוּנִי ׀ חֶבְלֵי־מָוֶת וּמְצָרֵי שְׁאוֹל
ד מְצָאוּנִי צָרָה וְיָגוֹן אֶמְצָא׃ וּבְשֵׁם־יְהוָה אֶקְרָא אָנָּה יְהוָה
ה ו מַלְּטָה נַפְשִׁי׃ חַנּוּן יְהוָה וְצַדִּיק וֵאלֹהֵינוּ מְרַחֵם׃ שֹׁמֵר
ז פְּתָאיִם יְהוָה דַּלּוֹתִי וְלִי יְהוֹשִׁיעַ׃ שׁוּבִי נַפְשִׁי לִמְנוּחָיְכִי
ח כִּי יְהוָה גָּמַל עָלָיְכִי׃ כִּי חִלַּצְתָּ נַפְשִׁי מִמָּוֶת אֶת־עֵינִי
ט מִן־דִּמְעָה אֶת־רַגְלִי מִדֶּחִי׃ אֶתְהַלֵּךְ לִפְנֵי יְהוָה בְּאַרְצוֹת

---

קטז, ד׳ ה׳ נמקס א׳ ו׳ א׳נחה

פאַר דעם גאָט פון יעקב,
[8] וואָס פאַרקערט דעם פעלז אין אַ טייך וואַסער,
קיזלשטיין אין אַ וואַסערקוואַל.

## קטו

[1] ניט אונדז, יהוה, ניט אונדז,
נייערט דיין נאָמען גיב כבוד,
פון וועגן דיין חסד,
פון וועגן דיין טריישאַפט.
[2] פאַרוואָס זאָלן זאָגן די פעלקער:
ווו אַקאָרשט איז זייער גאָט?

[3] אָבער אונדזער גאָט איז אין הימל,
אַלץ וואָס ער באַגערט, טוט ער.
[4] זייערע געצנבילדער זיינען זילבער און גאָלד,
דאָס ווערק פון אַ מענטשנס הענט.
[5] זיי האָבן אַ מויל און רעדן ניט,
זיי האָבן אויגן און זעען ניט;
[6] זיי האָבן אויערן און הערן ניט,
זיי האָבן אַ נאָז און שמעקן ניט;
[7] הענט ביי זיי, אָבער זיי קענען ניט אָנטאַפּן,
פיס ביי זיי, אָבער זיי גייען ניט;
זיי טוען ניט אַ הויך מיט זייער קעל.
[8] זאָלן ווערן ווי זיי די וואָס מאַכן זיי,
איטלעכער וואָס פאַרזיכערט זיך אויף זיי.

[9] ישׂראל, פאַרזיכער זיך אויף גאָט.
ער איז זייער הילף און זייער שילד.
[10] הויז פון אַהרן, פאַרזיכערט אַייך אויף גאָט.
ער איז זייער הילף און זייער שילד.
[11] איר פאָרכטער פון גאָט, פאַרזיכערט אַייך אויף גאָט.
ער איז זייער הילף און זייער שילד.

[12] גאָט האָט געדאַכט אָן אונדז, ער וועט בענטשן,
ער וועט בענטשן דאָס הויז פון ישׂראל,
ער וועט בענטשן דאָס הויז פון אַהרן.

[13] ער וועט בענטשן די וואָס פאָרכטן גאָט,
די קליינע אַזוי ווי די גרויסע.
[14] גאָט וועט אַייך מערן,
אַייך און אַייערע קינדער.
[15] געבענטשט זאָלט איר זיין פון גאָט,
דעם באַשעפער פון הימל און ערד.

[16] די הימלען זיינען די הימלען פון גאָט,
אָבער די ערד האָט ער געגעבן צו די מענטשנ־
קינדער.
[17] ניט די טויטע וועלן לויבן יָה,
און ניט די אַלע וואָס נידערן אין שטילן קבר.
[18] אָבער מיר וועלן בענטשן יָה,
פון אַצונד און ביז אייביק.
הַלְלוּיָה.

## קטז

[1] איך גאַר אַז גאָט זאָל צוהערן
מיין קָול, מיינע געבעטן.
[2] ווייל ער האָט געניגט זיין אויער צו מיר,
דרום אין מיינע טעג וועל איך אים רופן.
[3] אַרומגערינגלט האָבן מיך די שטריק פון טויט,
און אַנגסטן פון אונטערערד האָבן מיך געטראָפן;
לייד און קומער האָב איך געטראָפן.
[4] האָב איך דעם נאָמען פון גאָט גערופן:
איך בעט דיך, גאָט, מאַך אַנטריגען מיין זעל.
[5] לייטזעליק איז יהוה און גערעכט,
און אונדזער גאָט איז דערבאַרימדיק.
[6] גאָט פאַרהיט די אומגעניטע;
איך בין געווען געפאַלן, און ער האָט מיך
געהאָלפן.

[7] קער זיך אום, מיין זעל, צו דיין רואיקייט,
וואָרום גאָט האָט דיר גוטס געטאָן.
[8] וואָרום האָסט אַרויסגעצויגן מיין זעל פון טויט,
פון טרערן מיין אויג,
מיין פוס פון שטרויכלונג.
[9] איך וועל אומגיין פאַר גאָט
אין די לענדער פון די לעבעדיקע.

10 איך האָב געגלויבט, ווען איך האָב גערעדט;
איך בין געבייגט געווען זייער.
11 איך האָב געזאָגט אין מיין אַנגסט:
אַלע מענטשן זיינען פאַלש.

12 ווי זאָל איך אָפּצאָלן גאָט
אַלע זיינע טובות צו מיר?
13 דעם כּוס פון ישועות וועל איך אויפהייבן,
און דעם נאָמען פון גאָט וועל איך רופן,
14 מיינע נדרים צו גאָט וועל איך באַצאָלן
אַנטקעגן פאַר זיין גאַנצן פאָלק.

15 שווער אין די אויגן פון גאָט
איז דער טויט פון זיינע פרומע.
16 איך בעט דיך, גאָט, וואָרום איך בין דיין קנעכט,
איך בין דיין קנעכט, דער זון פון דיין דינסט;
האָסט לויזגעמאַכט מיינע בינדשטריק.
17 איך וועל שלאַכטן צו דיר אַ שלאַכטאָפּפער פון
דאַנק,
און דעם נאָמען פון גאָט וועל איך רופן
18 מיינע נדרים צו גאָט וועל איך באַצאָלן
אַנטקעגן פאַר זיין גאַנצן פאָלק,
19 אין די הויפן פון גאָטס הויז,
אין מיטן פון דיר, ירושָלַיִם.
הַלְלוּיָה.

## קיז

1 לויבט גאָט, אַלע פעלקער,
גיט אַ שבַח צו אים, אַלע אומות,
2 וואָרום שטאַרק איז זיין חסד אויף אונדז,
און די טריישאַפט פון גאָט איז אויף אייביק.
הַלְלוּיָה.

## קיח

1 גיט אַ דאַנק צו גאָט, וואָרום ער איז גוט,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.
2 זאָל נון זאָגן ישׂראל:
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.
3 זאָל נון זאָגן דאָס הויז פון אַהרן:
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.
4 זאָלן נון זאָגן די וואָס פאָרכטן גאָט:
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.

5 פון ענגעניש האָב איך גערופן גאָט,
האָט ער מיר געענטפערט מיט דערברייטערניש.
6 גאָט איז מיט מיר, איך האָב ניט קיין מורא,
וואָס קען אַ מענטש מיר טאָן?
7 גאָט איז מיר מיין העלפער,
און איך וועל זען אויף מיינע שׂונאים.
8 בעסער זיך באַשיצן אין גאָט,
איידער זיך פאַרזיכערן אויף אַ מענטשן.
9 בעסער זיך באַשיצן אין גאָט,
איידער זיך פאַרזיכערן אויף פירשטן.
10 אַלע פעלקער האָבן מיך אַרומגערינגלט;
מיט דעם נאָמען פון גאָט אָבער וועל איך זיי פאַר־
שניידן.
11 זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט, יאָ אַרומגערינגלט האָבן
זיי מיך;
מיט דעם נאָמען פון גאָט אָבער וועל איך זיי פאַר־
שניידן.
12 זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט ווי בינען;
זיי זיינען פאַרלאָשן געוואָרן ווי פייער פון דערנער;
פאַרוואָר, מיט דעם נאָמען פון גאָט וועל איך זיי
פאַרשניידן.
13 שטויסן האָסטו מיך געשטויסן צום פאַלן,
אָבער יָה האָט מיך געהאָלפן.
14 מיין שטאַרקייט און געזאַנג איז יָה,
און ער איז מיר געווען אַ ישועה.
15 אַ קָול פון געזאַנג און ישועה
איז אין די געצעלטן פון די צדיקים;
די רעכטע האַנט פון גאָט טוט גבורות.
16 די רעכטע האַנט פון גאָט איז דערהויבן,
די רעכטע האַנט פון גאָט טוט גבורות.
17 איך וועל ניט שטאַרבן נאָר לעבן,
און דערציילן די מעשׂים פון יָה.
18 שטראָפן געשטראָפט האָט מיך יָה,
אָבער צום טויט האָט ער מיך ניט געגעבן.
19 עפנט מיר די טויערן פון גערעכטיקייט,
איך וועל אַריינגיין אין זיי, איך וועל דאַנקען יָה.
20 דאָס איז דער טויער פון גאָט,
די גערעכטע זאָלן אַריינגיין אין אים.

י יא הַחַיִּים׃ הֶאֱמַנְתִּי כִּי אֲדַבֵּר אֲנִי עָנִיתִי מְאֹד׃ אֲנִי אָמַרְתִּי
יב בְחָפְזִי כָּל־הָאָדָם כֹּזֵב׃ מָה־אָשִׁיב לַיהוָה כָּל־תַּגְמוּלוֹהִי
יג יד עָלָי׃ כּוֹס־יְשׁוּעוֹת אֶשָּׂא וּבְשֵׁם יְהוָה אֶקְרָא׃ נְדָרַי לַיהוָה
טו אֲשַׁלֵּם נֶגְדָה־נָּא לְכָל־עַמּוֹ׃ יָקָר בְּעֵינֵי יְהוָה הַמָּוְתָה
טז לַחֲסִידָיו׃ אָנָּה יְהוָה כִּי־אֲנִי עַבְדֶּךָ אֲנִי עַבְדְּךָ בֶּן־אֲמָתֶךָ
יז פִּתַּחְתָּ לְמוֹסֵרָי׃ לְךָ־אֶזְבַּח זֶבַח תּוֹדָה וּבְשֵׁם יְהוָה אֶקְרָא׃
יח יט נְדָרַי לַיהוָה אֲשַׁלֵּם נֶגְדָה־נָּא לְכָל־עַמּוֹ׃ בְּחַצְרוֹת ׀ בֵּית
יְהוָה בְּתוֹכֵכִי יְרוּשָׁלִָם הַלְלוּיָהּ׃

## קיז

א ב הַלְלוּ אֶת־יְהוָה כָּל־גּוֹיִם שַׁבְּחוּהוּ כָּל־הָאֻמִּים׃ כִּי גָבַר
עָלֵינוּ ׀ חַסְדּוֹ וֶאֱמֶת־יְהוָה לְעוֹלָם הַלְלוּיָהּ׃

## קיח

א ב הוֹדוּ לַיהוָה כִּי־טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ יֹאמַר־נָא יִשְׂרָאֵל
ג כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ יֹאמְרוּ־נָא בֵית־אַהֲרֹן כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃
ד ה יֹאמְרוּ־נָא יִרְאֵי יְהוָה כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ מִן־הַמֵּצַר
ו קָרָאתִי יָּהּ עָנָנִי בַמֶּרְחַבְיָה׃ יְהוָה לִי לֹא אִירָא מַה־
ז יַּעֲשֶׂה לִי אָדָם׃ יְהוָה לִי בְּעֹזְרָי וַאֲנִי אֶרְאֶה בְשֹׂנְאָי׃
ח ט טוֹב לַחֲסוֹת בַּיהוָה מִבְּטֹחַ בָּאָדָם׃ טוֹב לַחֲסוֹת
י בַּיהוָה מִבְּטֹחַ בִּנְדִיבִים׃ כָּל־גּוֹיִם סְבָבוּנִי בְּשֵׁם יְהוָה
יא כִּי אֲמִילַם׃ סַבּוּנִי גַם־סְבָבוּנִי בְּשֵׁם יְהוָה כִּי אֲמִילַם׃
יב סַבּוּנִי כִדְבֹרִים דֹּעֲכוּ כְּאֵשׁ קוֹצִים בְּשֵׁם יְהוָה כִּי אֲמִילַם׃
יג יד דַּחֹה דְחִיתַנִי לִנְפֹּל וַיהוָה עֲזָרָנִי׃ עָזִּי וְזִמְרָת יָהּ וַיְהִי־
טו לִי לִישׁוּעָה׃ קוֹל ׀ רִנָּה וִישׁוּעָה בְּאָהֳלֵי צַדִּיקִים יְמִין
טז יְהוָה עֹשָׂה חָיִל׃ יְמִין יְהוָה רוֹמֵמָה יְמִין יְהוָה עֹשָׂה
יז יח חָיִל׃ לֹא אָמוּת כִּי־אֶחְיֶה וַאֲסַפֵּר מַעֲשֵׂי יָהּ׃ יַסֹּר
יט יִסְּרַנִּי יָּהּ וְלַמָּוֶת לֹא נְתָנָנִי׃ פִּתְחוּ־לִי שַׁעֲרֵי־צֶדֶק אָבֹא־
כ בָם אוֹדֶה יָהּ׃ זֶה־הַשַּׁעַר לַיהוָה צַדִּיקִים יָבֹאוּ בוֹ׃

קטז, טז׳ הי במקום א׳ יט׳ קמץ נרביס
קיח, ה׳ יח׳ יָהּ הי׳ דגושה י׳ יא׳ יב׳ פתח בס״פ

אֹודְךָ כִּי עֲנִיתָנִי וַתְּהִי־לִי לִישׁוּעָה׃ אֶבֶן מָאֲסוּ הַבּוֹנִים כא כב
הָיְתָה לְרֹאשׁ פִּנָּה׃ מֵאֵת יְהוָה הָיְתָה זֹּאת הִיא נִפְלָאת כג
בְּעֵינֵינוּ׃ זֶה־הַיּוֹם עָשָׂה יְהוָה נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בוֹ׃ כד
אָנָּא יְהוָה הוֹשִׁיעָה נָּא אָנָּא יְהוָה הַצְלִיחָה נָּא׃ בָּרוּךְ כה כו
הַבָּא בְּשֵׁם יְהוָה בֵּרַכְנוּכֶם מִבֵּית יְהוָה׃ אֵל ׀ יְהוָה כז
וַיָּאֶר לָנוּ אִסְרוּ־חַג בַּעֲבֹתִים עַד־קַרְנוֹת הַמִּזְבֵּחַ׃ אֵלִי כח
אַתָּה וְאוֹדֶךָּ אֱלֹהַי אֲרוֹמְמֶךָּ׃ הוֹדוּ לַיהוָה כִּי־טוֹב כִּי כט
לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃

## קיט

אַשְׁרֵי תְמִימֵי־דָרֶךְ הַהֹלְכִים בְּתוֹרַת יְהוָה׃ אַשְׁרֵי נֹצְרֵי א ב
עֵדֹתָיו בְּכָל־לֵב יִדְרְשׁוּהוּ׃ אַף לֹא־פָעֲלוּ עַוְלָה בִּדְרָכָיו ג
הָלָכוּ׃ אַתָּה צִוִּיתָה פִקֻּדֶיךָ לִשְׁמֹר מְאֹד׃ אַחֲלַי יִכֹּנוּ ד ה
דְרָכָי לִשְׁמֹר חֻקֶּיךָ׃ אָז לֹא־אֵבוֹשׁ בְּהַבִּיטִי אֶל־כָּל־ ו
מִצְוֺתֶיךָ׃ אוֹדְךָ בְּיֹשֶׁר לֵבָב בְּלָמְדִי מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ׃ ז
אֶת־חֻקֶּיךָ אֶשְׁמֹר אַל־תַּעַזְבֵנִי עַד־מְאֹד׃ בַּמֶּה יְזַכֶּה־ ח ט
נַּעַר אֶת־אָרְחוֹ לִשְׁמֹר כִּדְבָרֶךָ׃ בְּכָל־לִבִּי דְרַשְׁתִּיךָ אַל־ י
תַּשְׁגֵּנִי מִמִּצְוֺתֶיךָ׃ בְּלִבִּי צָפַנְתִּי אִמְרָתֶךָ לְמַעַן לֹא יא
אֶחֱטָא־לָךְ׃ בָּרוּךְ אַתָּה יְהוָה לַמְּדֵנִי חֻקֶּיךָ׃ בִּשְׂפָתַי יב יג
סִפַּרְתִּי כֹּל מִשְׁפְּטֵי־פִיךָ׃ בְּדֶרֶךְ עֵדְוֺתֶיךָ שַׂשְׂתִּי כְּעַל יד
כָּל־הוֹן׃ בְּפִקֻּדֶיךָ אָשִׂיחָה וְאַבִּיטָה אֹרְחֹתֶיךָ׃ בְּחֻקֹּתֶיךָ טו טז
אֶשְׁתַּעֲשָׁע לֹא אֶשְׁכַּח דְּבָרֶךָ׃ גְּמֹל עַל־עַבְדְּךָ אֶחְיֶה יז
וְאֶשְׁמְרָה דְבָרֶךָ׃ גַּל־עֵינַי וְאַבִּיטָה נִפְלָאוֹת מִתּוֹרָתֶךָ׃ יח
גֵּר אָנֹכִי בָאָרֶץ אַל־תַּסְתֵּר מִמֶּנִּי מִצְוֺתֶיךָ׃ גָּרְסָה נַפְשִׁי יט כ
לְתַאֲבָה אֶל־מִשְׁפָּטֶיךָ בְכָל־עֵת׃ גָּעַרְתָּ זֵדִים אֲרוּרִים כא
הַשֹּׁגִים מִמִּצְוֺתֶיךָ׃ גַּל מֵעָלַי חֶרְפָּה וָבוּז כִּי עֵדֹתֶיךָ נָצָרְתִּי׃ כב
גַּם יָשְׁבוּ שָׂרִים בִּי נִדְבָּרוּ עַבְדְּךָ יָשִׂיחַ בְּחֻקֶּיךָ׃ גַּם־ כג כד
עֵדֹתֶיךָ שַׁעֲשֻׁעָי אַנְשֵׁי עֲצָתִי׃ דָּבְקָה לֶעָפָר נַפְשִׁי כה

קיח, כה׳ מלרע   קיט, ה׳ כד׳ קמץ ברביע   יג׳ פתח באתנח

21 איך דאַנק דיר, וואָרום האָסט מיר געענטפערט,
און ביסט מיר געווען אַ ישועה.
22 דער שטיין וואָס די בוימייַנסטער האָבן פאַראַכט,
איז געוואָרן צום הויפּטווינקל.
23 פון גאָט איז דאָס געשען,
וווּנדערלעך איז עס אין אונדזערע אויגן.
24 דאָס איז דער טאָג וואָס גאָט האָט געמאַכט,
לאָמיר לוסטיק זיין און זיך פרייען אין אים.
25 איך בעט דיך, גאָט, העלף נון!
איך בעט דיך, גאָט, באַגליק נון!
26 געבענטשט דער וואָס קומט אין נאָמען פון גאָט!
מיר בענטשן אַייך פון גאָטס הויז.
27 יהוה איז גאָט, און ער האָט אונדז דערלויכטן;
פלעכט אַ טאַנץ מיט צווייגן
ביז די הערנער פון מזבח.
28 מיין גאָט ביסטו, און איך וועל דיר דאַנקען;
מיין גאָט—וועל איך דיך דערהייבן.
29 גיט אַ דאַנק צו יהוה, וואָרום ער איז גוט,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.

## קיט

### א

1 ווויל צו די וואָס זייער וועג איז ערלעך,
וואָס גייען אין דער תּורה פון גאָט.
2 ווויל צו די וואָס היטן דיינע אָנזאָגן,
וואָס זוכן אים מיטן גאַנצן האַרצן,
3 און זיי טוען ניט קיין אומרעכט,
זיי גייען אין זיינע וועגן.
4 האָסט געבאָטן דיינע באַפעלן,
זיי אָפּצוהיטן זייער.
5 הלוואַי זאָלן פעסט זיין מיינע וועגן,
צו היטן דיינע געזעצן.
6 דענסמאָל וועל איך זיך ניט שעמען,
ווען איך קוק אויף אַלע דיינע געבאָט.
7 איך וועל דיך לויבן מיט רעכטפאַרטיקייט פון האַרצן,
ווען איך לערן דיינע גערעכטע משפטים.
8 דיינע געזעצן וועל איך היטן;
זאָלסט מיך ניט פאַרלאָזן ביז גאָר.

### ב

9 מיט וואָס קען אַ יונגער מענטש האַלטן ריין זיין וועג,
צו זיין אָפּגעהיט לויט דיין וואָרט?
10 מיט מיין גאַנצן האַרצן האָב איך דיך געזוכט;
לאָז מיך ניט אַוועקבלאָנדזשען פון דיינע געבאָט.
11 אין מיין האַרצן האָב איך באַהאַלטן דיין וואָרט,
כדי איך זאָל ניט זינדיקן צו דיר.
12 געלויבט ביסטו, גאָט;
לערן מיך דיינע געזעצן.
13 מיט מיינע ליפּן האָב איך דערציילט
אַלע משפטים פון דיין מויל.
14 מיט דעם וועג פון דיינע אָנזאָגן האָב איך מיך געפרייט
ווי מיט אַלע עשירות.
15 איך טראַכט אָן דיינע באַפעלן,
און איך קוק אויף דיינע וועגן.
16 מיט דיינע געזעצן קוויק איך מיך,
איך פאַרגעס ניט דיין וואָרט.

### ג

17 באַשער דיין קנעכט, איך זאָל לעבן,
און איך וועל היטן דיין וואָרט.
18 אַנטפּלעק מיינע אויגן, איך זאָל זען
די וווּנדער פון דיין תּורה.
19 אַ פרעמדער בין איך אויף דער ערד;
ניט פאַרבאָרג פון מיר דיינע געבאָט.
20 צעבראָכן איז מיין זעל פון גלוסטעניש
נאָך דיינע משפטים אין יעטוועדער צייט.
21 שרייסט אָן אויף די פאַרשאָלטענע מוטווילִיקע,
וואָס בלאָנדזשען אַוועק פון דיינע געבאָט.
22 קייקל אַראָפּ פון מיר שאַנד און בזיון,
וואָרום דיינע אָנזאָגן האָב איך געהיט.
23 הגם האַרן זיצן און רעדן קעגן מיר,
טראַכט דיין קנעכט אָן דיינע געזעצן,
24 יאָ, דיינע אָנזאָגן זיינען מיין קוויקונג,
די עצה־געבער מיינע.

### ד

25 באַהעפט צום שטויב איז מיין זעל;

כו חַיֵּנִי כִּדְבָרֶךָ׃ דְּרָכַי סִפַּרְתִּי וַתַּעֲנֵנִי לַמְּדֵנִי חֻקֶּיךָ׃
כז כח דֶּרֶךְ־פִּקּוּדֶיךָ הֲבִינֵנִי וְאָשִׂיחָה בְּנִפְלְאוֹתֶיךָ׃ דָּלְפָה
כט נַפְשִׁי מִתּוּגָה קַיְּמֵנִי כִּדְבָרֶךָ׃ דֶּרֶךְ שֶׁקֶר הָסֵר מִמֶּנִּי
ל וְתוֹרָתְךָ חָנֵּנִי׃ דֶּרֶךְ־אֱמוּנָה בָחָרְתִּי מִשְׁפָּטֶיךָ שִׁוִּיתִי׃
לא לב דָּבַקְתִּי בְעֵדְוֹתֶיךָ יְהוָה אַל־תְּבִישֵׁנִי׃ דֶּרֶךְ־מִצְוֺתֶיךָ אָרוּץ
לג כִּי תַרְחִיב לִבִּי׃ הוֹרֵנִי יְהוָה דֶּרֶךְ חֻקֶּיךָ וְאֶצְּרֶנָּה
לד עֵקֶב׃ הֲבִינֵנִי וְאֶצְּרָה תוֹרָתֶךָ וְאֶשְׁמְרֶנָּה בְכָל־לֵב׃
לה לו הַדְרִיכֵנִי בִּנְתִיב מִצְוֺתֶיךָ כִּי בוֹ חָפָצְתִּי׃ הַט־לִבִּי אֶל־
לז עֵדְוֹתֶיךָ וְאַל אֶל־בָּצַע׃ הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא בִּדְרָכֶךָ
לח לט חַיֵּנִי׃ הָקֵם לְעַבְדְּךָ אִמְרָתֶךָ אֲשֶׁר לְיִרְאָתֶךָ׃ הַעֲבֵר
מ חֶרְפָּתִי אֲשֶׁר יָגֹרְתִּי כִּי מִשְׁפָּטֶיךָ טוֹבִים׃ הִנֵּה תָּאַבְתִּי
מא לְפִקֻּדֶיךָ בְּצִדְקָתְךָ חַיֵּנִי׃ וִיבֹאֻנִי חֲסָדֶךָ יְהוָה
מב תְּשׁוּעָתְךָ כְּאִמְרָתֶךָ׃ וְאֶעֱנֶה חֹרְפִי דָבָר כִּי־בָטַחְתִּי
מג בִּדְבָרֶךָ׃ וְאַל־תַּצֵּל מִפִּי דְבַר־אֱמֶת עַד־מְאֹד כִּי לְמִשְׁפָּטֶךָ
מד מה יִחָלְתִּי׃ וְאֶשְׁמְרָה תוֹרָתְךָ תָמִיד לְעוֹלָם וָעֶד׃ וְאֶתְהַלְּכָה
מו בָרְחָבָה כִּי פִקֻּדֶיךָ דָרָשְׁתִּי׃ וַאֲדַבְּרָה בְעֵדֹתֶיךָ נֶגֶד
מז מְלָכִים וְלֹא אֵבוֹשׁ׃ וְאֶשְׁתַּעֲשַׁע בְּמִצְוֺתֶיךָ אֲשֶׁר אָהָבְתִּי׃
מח וְאֶשָּׂא כַפַּי אֶל־מִצְוֺתֶיךָ אֲשֶׁר אָהָבְתִּי וְאָשִׂיחָה בְחֻקֶּיךָ׃
מט נ זְכָר־דָּבָר לְעַבְדֶּךָ עַל אֲשֶׁר יִחַלְתָּנִי׃ זֹאת נֶחָמָתִי
נא בְעָנְיִי כִּי אִמְרָתְךָ חִיָּתְנִי׃ זֵדִים הֱלִיצֻנִי עַד־מְאֹד מִתּוֹרָתְךָ
נב לֹא נָטִיתִי׃ זָכַרְתִּי מִשְׁפָּטֶיךָ מֵעוֹלָם ׀ יְהוָה וָאֶתְנֶחָם׃
נג נד זַלְעָפָה אֲחָזַתְנִי מֵרְשָׁעִים עֹזְבֵי תּוֹרָתֶךָ׃ זְמִרוֹת הָיוּ־לִי
נה חֻקֶּיךָ בְּבֵית מְגוּרָי׃ זָכַרְתִּי בַלַּיְלָה שִׁמְךָ יְהוָה וָאֶשְׁמְרָה
נו נז תּוֹרָתֶךָ׃ זֹאת הָיְתָה לִּי כִּי פִקֻּדֶיךָ נָצָרְתִּי׃ חֶלְקִי
נח יְהוָה אָמַרְתִּי לִשְׁמֹר דְּבָרֶיךָ׃ חִלִּיתִי פָנֶיךָ בְכָל־לֵב
נט חָנֵּנִי כְּאִמְרָתֶךָ׃ חִשַּׁבְתִּי דְרָכָי וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל־
ס סא עֵדֹתֶיךָ׃ חַשְׁתִּי וְלֹא הִתְמַהְמָהְתִּי לִשְׁמֹר מִצְוֺתֶיךָ׃ חֶבְלֵי
סב רְשָׁעִים עִוְּדֻנִי תּוֹרָתְךָ לֹא שָׁכָחְתִּי׃ חֲצוֹת לַיְלָה אָקוּם

קיט, לג׳ הצי כח״ק   מח׳ קמץ מרכא   נז׳ בס״א חלקי ה׳

לעב מיך אויף לויט דיין וואָרט.
26 איך האָב דערציילט מיינע וועגן, און דו האָסט מיר געענטפערט;
לערן מיך דיינע געזעצן.
27 דעם וועג פון דיינע באַפעלן מאַך מיך פאַרשטיין,
און איך וועל רעדן פון דיינע וווּנדער.
28 מיין זעל טרערט פון קומער;
ריכט מיך אויף לויט דיין וואָרט.
29 דעם וועג פון ליגן טו אָפּ פון מיר,
און מיט דיין תּורה לייטזעליק מיך.
30 דעם וועג פון אמת האָב איך אויסגעוויילט,
דיינע משפּטים האָב איך געהאַלטן [פאַר מיר].
31 איך בין באַהעפט אָן דיינע אָנזאָגן;
גאָט, זאָלסט מיך ניט פאַרשעמען.
32 אין דעם וועג פון דיינע געבאָט טו איך לויפן,
וואָרום דו דערברייטערסט מיין האַרץ.

ה

33 לערן מיך, גאָט, דעם וועג פון דיינע געזעצן,
און איך וועל אים היטן ביז לעצט.
34 מאַך מיך פאַרשטיין, כּדי איך זאָל היטן דיין תּורה,
און זי האַלטן מיטן גאַנצן האַרצן.
35 פיר מיך אין דעם שטעג פון דיינע געבאָט,
וואָרום נאָך אים האָב איך געגאַרט.
36 נייג מיין האַרץ צו דיינע אָנזאָגן,
און ניט צו גייציקייט.
37 נעם אַוועק מיינע אויגן פון קוקן אויף נישטיקייט;
אין דיינע וועגן לעב מיך אויף.
38 זיי מקיים צו דיין קנעכט דיין צוזאָג
וואָס צו דיינע פאָרכטער.
39 טו אָפּ מיין שאַנד וואָס איך שרעק מיך דערפאַר,
וואָרום דיינע משפּטים זיינען גוט.
40 זע, איך האָב געשמאַכט נאָך דיינע באַפעלן;
אין דיין גערעכטיקייט לעב מיך אויף.

ו

41 און זאָלן קומען דיינע חסדים אויף מיר, גאָט,
דיין הילף לויט דיין צוזאָג,
42 אַז איך זאָל קענען ענטפערן מיין לעסטערער אַ וואָרט;
וואָרום איך האָב מיך פאַרזיכערט אויף דיין וואָרט.
43 און זאָלסט ניט אָפּרייסן אין גאַנצן פון מיין מויל דאָס וואָרט פון אמת,
וואָרום אויף דיינע משפּטים האָב איך געהאַרט.
44 און איך וועל תּמיד היטן דיין תּורה,
אויף אייביק און שטענדיק.
45 און לאָמיך אומגיין אין דערברייטערניש,
וואָרום דיינע באַפעלן האָב איך געזוכט.
46 און איך וועל רעדן פון דיינע אָנזאָגן פאַר מלכים,
און איך וועל מיך ניט שעמען.
47 און איך וועל מיך קוויקן מיט דיינע געבאָט
וואָס איך האָב ליב.
48 און איך וועל אויפהייבן מיינע הענט צו דיינע געבאָט
וואָס איך האָב ליב,
און איך וועל טראַכטן אָן דיינע געזעצן.

ז

49 געדענק דאָס וואָרט צו דיין קנעכט,
וועדליק דו האָסט מיך געמאַכט האָפן.
50 דאָס איז מיין טרייסט אין מיין פּיין,
וואָס דיין צוזאָג לעבט מיך אויף.
51 די מוטוויליקע האָבן געשפּעט פון מיר זייער—
פון דיין תּורה האָב איך זיך ניט אָפּגענייגט.
52 איך האָב געדאַכט, גאָט, אָן דיינע משפּטים פון אייביק אָן,
און איך האָב מיך געטרייסט.
53 אַ ברענעדיקער צאָרן האָט מיך אָנגענומען,
פון וועגן די רשעים וואָס פאַרלאָזן דיין תּורה.
54 געזאַנגען זיינען מיר געווען דיינע געזעצן
אין הויז פון מיין פאַרפרעמדטקייט.
55 איך האָב דערמאָנט ביי נאַכט דיין נאָמען, גאָט,
און איך האָב געהיט דיין תּורה.
56 דאָס האָב איך געהאַט:
וואָס איך האָב געהאַלטן דיינע באַפעלן.

ח

57 מיין טייל, גאָט, האָב איך געזאָגט,
איז צו היטן דיינע ווערטער.
58 איך האָב געבעטן ביי דיר מיטן גאַנצן האַרצן:
לייטזעליק מיך לויט דיין צוזאָג.
59 איך האָב באַרעכנט מיינע וועגן,
און געקערט מיינע פיס צו דיינע אָנזאָגן.
60 איך האָב זיך געאײַלט און ניט געזאַמט
צו היטן דיינע געבאָט.
61 די שטריק פון די רשעים האָבן מיך אַרומגעקניפּט—
דיין תּורה האָב איך ניט פאַרגעסן.
62 האַלבע נאַכט שטיי איך אויף דיר צו דאַנקען

לְהוֹדוֹת לָךְ עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ׃ חָבֵר אָנִי לְכָל־אֲשֶׁר סג
יְרֵאוּךָ וּלְשֹׁמְרֵי פִּקּוּדֶיךָ׃ חַסְדְּךָ יְהוָה מָלְאָה הָאָרֶץ סד
חֻקֶּיךָ לַמְּדֵנִי׃ טוֹב עָשִׂיתָ עִם־עַבְדְּךָ יְהוָה כִּדְבָרֶךָ׃ סה
טוּב טַעַם וָדַעַת לַמְּדֵנִי כִּי בְמִצְוֺתֶיךָ הֶאֱמָנְתִּי׃ טֶרֶם סו סז
אֶעֱנֶה אֲנִי שֹׁגֵג וְעַתָּה אִמְרָתְךָ שָׁמָרְתִּי׃ טוֹב אַתָּה סח
וּמֵטִיב לַמְּדֵנִי חֻקֶּיךָ׃ טָפְלוּ עָלַי שֶׁקֶר זֵדִים אֲנִי בְּכָל־ סט
לֵב ׀ אֶצֹּר פִּקּוּדֶיךָ׃ טָפַשׁ כַּחֵלֶב לִבָּם אֲנִי תּוֹרָתְךָ ע
שִׁעֲשָׁעְתִּי׃ טוֹב לִי כִי עֻנֵּיתִי לְמַעַן אֶלְמַד חֻקֶּיךָ׃ טוֹב עא עב
לִי תוֹרַת פִּיךָ מֵאַלְפֵי זָהָב וָכָסֶף׃ יָדֶיךָ עָשׂוּנִי וַיְכוֹנְנוּנִי עג
הֲבִינֵנִי וְאֶלְמְדָה מִצְוֺתֶיךָ׃ יְרֵאֶיךָ יִרְאוּנִי וְיִשְׂמָחוּ כִּי עד
לִדְבָרְךָ יִחָלְתִּי׃ יָדַעְתִּי יְהוָה כִּי־צֶדֶק מִשְׁפָּטֶיךָ וֶאֱמוּנָה עה
עִנִּיתָנִי׃ יְהִי־נָא חַסְדְּךָ לְנַחֲמֵנִי כְּאִמְרָתְךָ לְעַבְדֶּךָ׃ יְבֹאוּנִי עו עז
רַחֲמֶיךָ וְאֶחְיֶה כִּי תוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי׃ יֵבֹשׁוּ זֵדִים כִּי־שֶׁקֶר עח
עִוְּתוּנִי אֲנִי אָשִׂיחַ בְּפִקּוּדֶיךָ׃ יָשׁוּבוּ־לִי יְרֵאֶיךָ וְיֹדְעֵו עֵדֹתֶיךָ׃ עט
יְהִי־לִבִּי תָמִים בְּחֻקֶּיךָ לְמַעַן לֹא אֵבוֹשׁ׃ כָּלְתָה פ פא
לִתְשׁוּעָתְךָ נַפְשִׁי לִדְבָרְךָ יִחָלְתִּי׃ כָּלוּ עֵינַי לְאִמְרָתֶךָ פב
לֵאמֹר מָתַי תְּנַחֲמֵנִי׃ כִּי־הָיִיתִי כְּנֹאד בְּקִיטוֹר חֻקֶּיךָ לֹא פג
שָׁכָחְתִּי׃ כַּמָּה יְמֵי עַבְדֶּךָ מָתַי תַּעֲשֶׂה בְרֹדְפַי מִשְׁפָּט׃ פד
כָּרוּ־לִי זֵדִים שִׁיחוֹת אֲשֶׁר לֹא כְתוֹרָתֶךָ׃ כָּל־מִצְוֺתֶיךָ פה פו
אֱמוּנָה שֶׁקֶר רְדָפוּנִי עָזְרֵנִי׃ כִּמְעַט כִּלּוּנִי בָאָרֶץ וַאֲנִי פז
לֹא־עָזַבְתִּי פִקֻּדֶיךָ׃ כְּחַסְדְּךָ חַיֵּנִי וְאֶשְׁמְרָה עֵדוּת פִּיךָ׃ פח
לְעוֹלָם יְהוָה דְּבָרְךָ נִצָּב בַּשָּׁמָיִם׃ לְדֹר וָדֹר אֱמוּנָתֶךָ פט צ
כּוֹנַנְתָּ אֶרֶץ וַתַּעֲמֹד׃ לְמִשְׁפָּטֶיךָ עָמְדוּ הַיּוֹם כִּי הַכֹּל צא
עֲבָדֶיךָ׃ לוּלֵי תוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי אָז אָבַדְתִּי בְעָנְיִי׃ לְעוֹלָם צב צג
לֹא־אֶשְׁכַּח פִּקּוּדֶיךָ כִּי־בָם חִיִּיתָנִי׃ לְךָ אֲנִי הוֹשִׁיעֵנִי כִּי צד
פִקּוּדֶיךָ דָרָשְׁתִּי׃ לִי קִוּוּ רְשָׁעִים לְאַבְּדֵנִי עֵדֹתֶיךָ אֶתְבּוֹנָן׃ צה
לְכָל־תִּכְלָה רָאִיתִי קֵץ רְחָבָה מִצְוָתְךָ מְאֹד׃ מָה צו צז

סה׳ כוא באתנח    עט׳ וידעי קרי

פאַר דיינע גערעכטע משפּטים.
63 אַ חבר בין איך צו אַלע וואָס פאָרכטן דיך,
און צו די וואָס היטן דיינע באַפעלן.
64 דיין חסד, גאָט, איז פול די ערד;
לערן מיך דיינע געזעצן.

ט

65 האָסט געטאָן גוטס מיט דיין קנעכט,
גאָט, לויט דיין וואָרט.
66 וווילפאַרשטאַנדיקייט און וויסן לערן מיך,
וואָרום איך גלויב אין דיינע געבאָט.
67 איידער איך האָב געליטן פלעג איך פאַרזען,
אָבער אַצונד טו איך היטן דיין וואָרט.
68 אַ גוטער ביסטו און אַ באַגיטיקער;
לערן מיך דיינע געזעצן.
69 די מוטווילִיקע האָבן אָנגעשמירט אויף מיר ליגן;
איך היט מיטן גאַנצן האַרצן דיינע באַפעלן.
70 פאַרשטאָפּט ווי פעטס איז זייער האַרץ;
איך האָב מיך געקוויקט מיט דיין תּורה.
71 ווויל איז צו מיר וואָס איך בין געפּייניקט געוואָרן,
כּדי איך זאָל לערנען דיינע געזעצן.
72 מיר איז בעסער די תּורה פון דיין מויל
איידער טויזנטן גאָלד און זילבער.

י

73 דיינע הענט האָבן מיך געשאַפן און מיך געפורעמט;
מאַך מיך פאַרשטיין, כּדי איך זאָל לערנען דיינע געבאָט.
74 דיינע פאָרכטער וועלן מיך זען[א] און זיך פרייען,
וואָרום אויף דיין וואָרט האָב איך געהאַרט.
75 איך ווייס, גאָט, אַז גערעכט זיינען דיינע משפּטים,
און אויס טרייַשאַפט האָסטו מיך געפּייניקט.
76 זאָל זיין, איך בעט דיך, דיין חסד מיך צו טרייסטן,
אַזוי ווי דיין צוזאָג צו דיין קנעכט.
77 זאָל קומען אויף מיר דיין דערבאַרימונג, כּדי איך זאָל לעבן,
וואָרום דיין תּורה איז מיין קוויקונג.
78 זאָלן פאַרשעמט ווערן די מוטווילִיקע, ווייל זיי האָבן מיך געקריוודעט אומנישט;
איך וועל טראַכטן אָן דיינע באַפעלן.
79 זאָלן זיך קערן צו מיר די וואָס פאָרכטן דיך,
און די וואָס ווייסן דיינע אָנזאָגן.
80 זאָל מיין האַרץ זיין גאַנץ אין דיינע געזעצן,
כּדי איך זאָל ניט פאַרשעמט ווערן.

כ

81 מיין זעל גייט אויס נאָך דיין הילף,
אויף דיין וואָרט טו איך האַרן.
82 מיינע אויגן גייען אויס נאָך דיין צוזאָג,
אַזוי צו זאָגן: ווען וועסטו מיך טרייסטן?
83 הגם איך בין געוואָרן ווי אַ לאָגל אין רויך,
האָב איך דיינע געזעצן ניט פאַרגעסן.
84 ווי פיל זיינען די טעג פון דיין קנעכט?
ווען וועסטו אַ משפּט טאָן אויף מיינע נאָכיאָגער?
85 די מוטווילִיקע האָבן מיר געגראָבן גריבער,
וואָס איז ניט לויט דיין תּורה.
86 אַלע דיינע געבאָט זיינען וואָרהאַפטיק;
אומנישט האָבן זיי מיך גערודפט; העלף מיך.
87 זיי האָבן מיך שיִר פאַרלענדט אויף דער ערד,
אָבער איך האָב ניט פאַרלאָזן דיינע באַפעלן.
88 לעב מיך אויף לויט דיין חסד,
און איך וועל היטן דעם אָנזאָג פון דיין מויל.

ל

89 אויף אייביק, גאָט,
באַשטייט דיין וואָרט אין הימל.
90 אויף דור־דורות איז דיין טרייַשאַפט;
האָסט באַפעסטיקט די ערד, און זי שטייט.
91 לויט דיינע געזעצן שטייען זיי היינט,
וואָרום אַלע זאַכן זיינען דיינע קנעכט.
92 ווען ניט דיין תּורה איז מיין קוויקונג,
וואָלט איך אונטערגעגאַנגען אין מיין פּיין.
93 איך וועל אייביק ניט פאַרגעסן דיינע באַפעלן,
וואָרום מיט זיי האָסטו מיך אויפגעלעבט.
94 דיינער בין איך, העלף מיך,
וואָרום דיינע באַפעלן האָב איך געפאָרשט.
95 די רשעים האָבן אויסגעקוקט אויף מיר, מיך אונטער־צוברענגען;
איך קליג מיך אין דיינע אָנזאָגן.
96 צו יעטוועדער שטרעבונג האָב איך געזען אַן ענד–
דיינע געבאָט זיינען ברייט ביז גאָר.

[א] וואָרטשפּיל: יְרֵאֶיךָ יִרְאוּנִי.

צח אָהַבְתִּי תוֹרָתֶךָ כָּל־הַיּוֹם הִיא שִׂיחָתִי׃ מֵאֹיְבַי תְּחַכְּמֵנִי
צט מִצְוֺתֶךָ כִּי לְעוֹלָם הִיא־לִי׃ מִכָּל־מְלַמְּדַי הִשְׂכַּלְתִּי כִּי
ק עֵדְוֺתֶיךָ שִׂיחָה לִי׃ מִזְּקֵנִים אֶתְבּוֹנָן כִּי פִקּוּדֶיךָ נָצָרְתִּי׃
קא מִכָּל־אֹרַח רָע כָּלִאתִי רַגְלָי לְמַעַן אֶשְׁמֹר דְּבָרֶךָ׃
קב קג מִמִּשְׁפָּטֶיךָ לֹא־סָרְתִּי כִּי־אַתָּה הוֹרֵתָנִי׃ מַה־נִּמְלְצוּ לְחִכִּי
קד אִמְרָתֶךָ מִדְּבַשׁ לְפִי׃ מִפִּקּוּדֶיךָ אֶתְבּוֹנָן עַל־כֵּן שָׂנֵאתִי
קה כָּל־אֹרַח שָׁקֶר׃ נֵר־לְרַגְלִי דְבָרֶךָ וְאוֹר לִנְתִיבָתִי׃
קו קז נִשְׁבַּעְתִּי וָאֲקַיֵּמָה לִשְׁמֹר מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ׃ נַעֲנֵיתִי עַד־
קח מְאֹד יְהוָה חַיֵּנִי כִדְבָרֶךָ׃ נִדְבוֹת פִּי רְצֵה־נָא יְהוָה
קט וּמִשְׁפָּטֶיךָ לַמְּדֵנִי׃ נַפְשִׁי בְכַפִּי תָמִיד וְתוֹרָתְךָ לֹא שָׁכָחְתִּי׃
קי קיא נָתְנוּ רְשָׁעִים פַּח לִי וּמִפִּקּוּדֶיךָ לֹא תָעִיתִי׃ נָחַלְתִּי עֵדְוֺתֶיךָ
קיב לְעוֹלָם כִּי־שְׂשׂוֹן לִבִּי הֵמָּה׃ נָטִיתִי לִבִּי לַעֲשׂוֹת חֻקֶּיךָ
קיג לְעוֹלָם עֵקֶב׃ סֵעֲפִים שָׂנֵאתִי וְתוֹרָתְךָ אָהָבְתִּי׃
קיד קטו סִתְרִי וּמָגִנִּי אָתָּה לִדְבָרְךָ יִחָלְתִּי׃ סוּרוּ מִמֶּנִּי מְרֵעִים
קטז וְאֶצְּרָה מִצְוֺת אֱלֹהָי׃ סָמְכֵנִי כְאִמְרָתְךָ וְאֶחְיֶה וְאַל־
קיז תְּבִישֵׁנִי מִשִּׂבְרִי׃ סְעָדֵנִי וְאִוָּשֵׁעָה וְאֶשְׁעָה בְחֻקֶּיךָ תָמִיד׃
קיח קיט סָלִיתָ כָּל־שׁוֹגִים מֵחֻקֶּיךָ כִּי־שֶׁקֶר תַּרְמִיתָם׃ סִגִים
קכ הִשְׁבַּתָּ כָל־רִשְׁעֵי־אָרֶץ לָכֵן אָהַבְתִּי עֵדֹתֶיךָ׃ סָמַר
קכא מִפַּחְדְּךָ בְשָׂרִי וּמִמִּשְׁפָּטֶיךָ יָרֵאתִי׃ עָשִׂיתִי מִשְׁפָּט
קכב וָצֶדֶק בַּל־תַּנִּיחֵנִי לְעֹשְׁקָי׃ עֲרֹב עַבְדְּךָ לְטוֹב אַל־יַעַשְׁקֻנִי
קכג קכד זֵדִים׃ עֵינַי כָּלוּ לִישׁוּעָתֶךָ וּלְאִמְרַת צִדְקֶךָ׃ עֲשֵׂה עִם־
קכה עַבְדְּךָ כְחַסְדֶּךָ וְחֻקֶּיךָ לַמְּדֵנִי׃ עַבְדְּךָ־אָנִי הֲבִינֵנִי וְאֵדְעָה
קכו קכז עֵדֹתֶיךָ׃ עֵת לַעֲשׂוֹת לַיהוָה הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ׃ עַל־כֵּן
קכח אָהַבְתִּי מִצְוֺתֶיךָ מִזָּהָב וּמִפָּז׃ עַל־כֵּן ׀ כָּל־פִּקּוּדֵי כֹל
קכט יִשָּׁרְתִּי כָּל־אֹרַח שֶׁקֶר שָׂנֵאתִי׃ פְּלָאוֹת עֵדְוֺתֶיךָ
קל עַל־כֵּן נְצָרָתַם נַפְשִׁי׃ פֵּתַח דְּבָרֶיךָ יָאִיר מֵבִין פְּתָיִים׃
קלא קלב פִּי־פָעַרְתִּי וָאֶשְׁאָפָה כִּי לְמִצְוֺתֶיךָ יָאָבְתִּי׃ פְּנֵה־אֵלַי

צט׳ פתח באתנח

## מ

97 ווי ליב איך האָב דיין תּורה!
אַ גאַנצן טאָג איז זי מיין טראַכטונג.
98 קליגער פון מיינע פיינט מאַכן מיך דיינע געבאָט,
וואָרום זיי זיינען אייביק ביי מיר.
99 פון אַלע מיינע לערער בין איך פאַרשטאַנדיקער,
וואָרום דיינע אָנזאָגן זיינען מיין טראַכטונג.
100 מער פון זקנים פאַרשטיי איך,
ווייל דיינע באַפעלן האָב איך געהאַלטן.
101 פון יעטוועדער בייזן וועג פאַרמייד איך מיינע פיס,
כּדי איך זאָל היטן דיין וואָרט.
102 פון דיינע געזעצן האָב איך ניט אָפּגעקערט,
וואָרום דו האָסט מיך געלערנט.
103 ווי זיס זיינען דיינע ווערטער צו מיין גומען,
מער פון האָניק פאַר מיין מויל!
104 פון דיינע באַפעלן ווער איך פאַרשטאַנדיק,
דרום האָב איך פיינט יעטוועדער וועג פון ליגן.

## נ

105 אַ ליכט פאַר מיין פוס איז דיין וואָרט,
און אַ ליכטיקייט פאַר מיין שטעג.
106 איך האָב געשוואָרן, און האָב מקיים געווען,
צו היטן דיינע גערעכטע משפּטים.
107 איך בין געדריקט ביז גאָר,
גאָט, לעב מיך אויף לויט דיין וואָרט.
108 די פרייגאָבן פון מיין מויל באַווויליק, איך בעט דיך, גאָט,
און דיינע משפּטים לערן מיך.
109 מיין נפש איז תּמיד אין מיין האַנט,
אָבער דיין תּורה האָב איך ניט פאַרגעסן.
110 די רשעים האָבן מיר אַ פאַסטקע געשטעלט,
אָבער פון דיינע באַפעלן האָב איך ניט אַוועק געבלאָנדזשעט.
111 איך האָב געמאַכט דיינע אָנזאָגן פאַר מיין אייביקער אַרב,
וואָרום זיי זיינען די פרייד פון מיין האַרצן.
112 איך האָב געניגט מיין האַרץ צו טאָן דיינע געזעצן
תּמיד ביז לעצט.

## ס

113 צווייפלער האָב איך פיינט,
נאָר דיין תּורה האָב איך ליב.
114 מיין פאַרבאָרגעניש און מיין שילד ביסטו,
אויף דיין וואָרט טו איך האַרן.
115 קערט אַייך אָפּ פון מיר, איר שלעכטסטוער,
כּדי איך זאָל היטן די געבאָט פון מיין גאָט.
116 האַלט מיך אויף לויט דיין צוזאָג, כּדי איך זאָל לעבן,
און לאָז מיך ניט פאַרשעמט ווערן אין מיין האָפענונג.
117 לען מיך אונטער, און לאָמיך געהאָלפן ווערן,
און איך וועל מיך תּמיד פאַרנעמען מיט דיינע געזעצן.
118 פאַראַכטסט אַלע וואָס בלאָנדזשען אַוועק פון דיינע געזעצן,
וואָרום אומזיסט איז זייער אָפּנאַרעניש.
119 ווי פּסולת שאַפסטו אָפּ אַלע רשעים פון דער ערד,
דרום האָב איך ליב דיינע אָנזאָגן.
120 מיין לייב שוידערט פון אַנגסט פאַר דיר,
און פאַר דיינע משפּטים האָב איך מורא.

## ע

121 איך האָב געטאָן רעכט און גערעכטיקייט;
זאָלסט מיך ניט איבערלאָזן צו מיינע דריקער.
122 שטעל זיך אַיין פאַר דיין קנעכט צום גוטן,
אַז מיך זאָלן ניט דריקן די מוטווילִיקע.
123 מיינע אויגן גייען אויס נאָך דיין הילף,
און נאָך דעם וואָרט פון דיין גערעכטיקייט.
124 טו מיט דיין קנעכט לויט דיין חסד,
און דיינע געזעצן לערן מיך.
125 דיין קנעכט בין איך; מאַך מיך פאַרשטיין,
כּדי איך זאָל וויסן דיינע אָנזאָגן.
126 עס איז צייט פאַר גאָט צו טאָן;
זיי האָבן פאַרשטערט דיין תּורה.
127 פאַרוואָר, איך האָב ליב דיינע געבאָט,
מער פון גאָלד און פון גינגאָלד.
128 דרום האַלט איך פאַר ריכטיק אַלע כָּלערליי באַפעלן;
יעטוועדער וועג פון ליגן האָב איך פיינט.

## פ

129 וווּנדערלעך זיינען דיינע אָנזאָגן,
דרום היט זיי מיין זעל.
130 די אַנטפּלעקונג פון דיינע ווערטער מאַכט ליכטיק,
זי מאַכט פאַרשטאַנדיק דעם נאַרן.
131 איך האָב אויפגעשפּאַרט מיין מויל און געלעכצט,
וואָרום נאָך דיינע געבאָט האָב איך געגאַרט.
132 קער זיך צו מיר, און לייטזעליק מיך,

קלג וְחָנֵּנִי כְּמִשְׁפָּט לְאֹהֲבֵי שְׁמֶךָ׃ פְּעָמַי הָכֵן בְּאִמְרָתֶךָ וְאַל־
קלד תַּשְׁלֶט־בִּי כָל־אָוֶן׃ פְּדֵנִי מֵעֹשֶׁק אָדָם וְאֶשְׁמְרָה פִּקּוּדֶיךָ׃
קלה קלו פָּנֶיךָ הָאֵר בְּעַבְדֶּךָ וְלַמְּדֵנִי אֶת־חֻקֶּיךָ׃ פַּלְגֵי־מַיִם יָרְדוּ
קלז עֵינָי עַל לֹא־שָׁמְרוּ תוֹרָתֶךָ׃ צַדִּיק אַתָּה יְהוָה וְיָשָׁר
קלח קלט מִשְׁפָּטֶיךָ׃ צִוִּיתָ צֶדֶק עֵדֹתֶיךָ וֶאֱמוּנָה מְאֹד׃ צִמְּתַתְנִי
קמ קִנְאָתִי כִּי־שָׁכְחוּ דְבָרֶיךָ צָרָי׃ צְרוּפָה אִמְרָתְךָ מְאֹד
קמא וְעַבְדְּךָ אֲהֵבָהּ׃ צָעִיר אָנֹכִי וְנִבְזֶה פִּקֻּדֶיךָ לֹא שָׁכָחְתִּי׃
קמב קמג צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת׃ צַר־וּמָצוֹק מְצָאוּנִי
קמד מִצְוֹתֶיךָ שַׁעֲשֻׁעָי׃ צֶדֶק עֵדְוֹתֶיךָ לְעוֹלָם הֲבִינֵנִי וְאֶחְיֶה׃
קמה קמו קָרָאתִי בְכָל־לֵב עֲנֵנִי יְהוָה חֻקֶּיךָ אֶצֹּרָה׃ קְרָאתִיךָ
קמז הוֹשִׁיעֵנִי וְאֶשְׁמְרָה עֵדֹתֶיךָ׃ קִדַּמְתִּי בַנֶּשֶׁף וָאֲשַׁוֵּעָה
קמח לִדְבָרְיךָ יִחָלְתִּי׃ קִדְּמוּ עֵינַי אַשְׁמֻרוֹת לָשִׂיחַ בְּאִמְרָתֶךָ׃
קמט קנ קוֹלִי שִׁמְעָה כְחַסְדֶּךָ יְהוָה כְּמִשְׁפָּטֶךָ חַיֵּנִי׃ קָרְבוּ רֹדְפֵי
קנא זִמָּה מִתּוֹרָתְךָ רָחָקוּ׃ קָרוֹב אַתָּה יְהוָה וְכָל־מִצְוֹתֶיךָ
קנב אֱמֶת׃ קֶדֶם יָדַעְתִּי מֵעֵדֹתֶיךָ כִּי לְעוֹלָם יְסַדְתָּם׃
קנג קנד רְאֵה־עָנְיִי וְחַלְּצֵנִי כִּי תוֹרָתְךָ לֹא שָׁכָחְתִּי׃ רִיבָה רִיבִי
קנה וּגְאָלֵנִי לְאִמְרָתְךָ חַיֵּנִי׃ רָחוֹק מֵרְשָׁעִים יְשׁוּעָה כִּי־חֻקֶּיךָ
קנו קנז לֹא דָרָשׁוּ׃ רַחֲמֶיךָ רַבִּים ׀ יְהוָה כְּמִשְׁפָּטֶיךָ חַיֵּנִי׃ רַבִּים
קנח רֹדְפַי וְצָרָי מֵעֵדְוֹתֶיךָ לֹא נָטִיתִי׃ רָאִיתִי בֹגְדִים וָאֶתְקוֹטָטָה
קנט אֲשֶׁר אִמְרָתְךָ לֹא שָׁמָרוּ׃ רְאֵה כִּי־פִקּוּדֶיךָ אָהָבְתִּי
קס יְהוָה כְּחַסְדְּךָ חַיֵּנִי׃ רֹאשׁ־דְּבָרְךָ אֱמֶת וּלְעוֹלָם כָּל־
קסא מִשְׁפַּט צִדְקֶךָ׃ שָׂרִים רְדָפוּנִי חִנָּם וּמִדְּבָרְיךָ פָּחַד
קסב קסג לִבִּי׃ שָׂשׂ אָנֹכִי עַל־אִמְרָתֶךָ כְּמוֹצֵא שָׁלָל רָב׃ שֶׁקֶר
קסד שָׂנֵאתִי וָאֲתַעֵבָה תּוֹרָתְךָ אָהָבְתִּי׃ שֶׁבַע בַּיּוֹם הִלַּלְתִּיךָ
קסה עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ׃ שָׁלוֹם רָב לְאֹהֲבֵי תוֹרָתֶךָ וְאֵין־לָמוֹ
קסו קסז מִכְשׁוֹל׃ שִׂבַּרְתִּי לִישׁוּעָתְךָ יְהוָה וּמִצְוֹתֶיךָ עָשִׂיתִי׃ שָׁמְרָה
קסח נַפְשִׁי עֵדֹתֶיךָ וָאֹהֲבֵם מְאֹד׃ שָׁמַרְתִּי פִקּוּדֶיךָ וְעֵדֹתֶיךָ כִּי

קמז׳ קסא׳ יתיר י׳

ווי עס איז רעכט צו די וואָס האָבן ליב דיין נאָמען.
133 פעסטיק מיינע טריט מיט דיין וואָרט,
און לאָז ניט געוועלטיקן איבער מיר קיין אומרעכט.
134 לייז מיך אויס פון דער דריקונג פון מענטשן,
כדי איך זאָל היטן דיינע באַפעלן.
135 דערלייכט דיין פּנים אויף דיין קנעכט,
און לערן מיך דיינע געזעצן.
136 בעכן וואַסער האָבן פאַרגאָסן מיינע אויגן,
איבער די וואָס האָבן ניט געהיט דיין תּורה.

צ

137 גערעכט ביסטו, גאָט,
און רעכטפאַרטיק זיינען דיינע משפּטים.
138 האָסט באַפוילן מיט גערעכטיקייט דיינע אָנזאָגן,
און מיט געטריישאַפט ביז גאָר.
139 מיך האָט אומגעבראַכט מיין ערגערניש,
ווייל מיינע פיינט האָבן פאַרגעסן דיינע ווערטער.
140 געלייטערט איז דיין וואָרט ביז גאָר,
און דיין קנעכט האָט עס ליב.
141 קליין בין איך און פאַראַכט—
דיינע באַפעלן האָב איך ניט פאַרגעסן.
142 דיין גערעכטיקייט איז אייביק גערעכט,
און דיין תּורה איז אמת.
143 נויט און אַנגסט האָבן מיך געטראָפן—
דיינע געבאָט[א] זיינען מיינע קוויקונגען.
144 גערעכט זיינען דיינע אָנזאָגן אויף אייביק;
מאַך מיך פאַרשטיין, כדי איך זאָל לעבן.

ק

145 איך האָב גערופן מיטן גאַנצן האַרצן;
ענטפער מיר, גאָט; דיינע געזעצן וועל איך האַלטן.
146 איך רוף דיך, העלף מיך,
און איך וועל היטן דיינע אָנזאָגן.
147 איך האָב מיך געפעדערט באַגינען און געשריען;
אויף דיין וואָרט האָב איך געהאַרט.
148 מיינע אויגן זיינען פאַרויסגעלאָפן די נאַכטוואַכן,
צו טראַכטן אָן דיין וואָרט.
149 הער צו מיין קָול לויט דיין חסד,
גאָט, לעב מיך אויף אַזוי ווי דיין שטייגער.

150 עס גענענען די וואָס יאָגן זיך נאָך שענדלעכקייט;
פון דיין תּורה זיינען זיי ווייט.
151 דו ביסט נאָנט, גאָט,
און אַלע דיינע געבאָט זיינען אמת.
152 פון לאַנג אָן האָב איך געוווּסט פון דיינע אָנזאָגן,
אַז דו האָסט זיי אויף אייביק געגרונטפעסט.

ר

153 זע מיין פּיין, און דערלייז מיך,
וואָרום דיין תּורה האָב איך ניט פאַרגעסן.
154 קריג מיין קריג, און לייז מיך אויס,
לויט דיין צוזאָג לעב מיך אויף.
155 ווייט איז פון רשעים הילף,
ווייל דיינע געזעצן זוכן זיי ניט.
156 דיין דערבאַרימונג איז גרויס, גאָט;
לעב מיך אויף אַזוי ווי דיין שטייגער.
157 פיל זיינען מיינע נאָכיאָגער און מיינע דריקער—
פון דיינע אָנזאָגן האָב איך זיך ניט אָפּגענייגט.
158 איך האָב געזען די פעלשער און זיך געקריגט מיט זיי,
וואָס זיי האָבן דיין וואָרט ניט געהיט.
159 זע אַז דיינע באַפעלן האָב איך ליב;
גאָט, לעב מיך אויף לויט דיין חסד.
160 דער עיקר פון דיין וואָרט איז אמת,
און אויף אייביק איז אַל דיין גערעכטער משפּט.

ש

161 האַרן האָבן מיך גערודפט פאַר אומזיסט,
אָבער פאַר דיינע ווערטער האָט געאַנגסט מיין האַרץ.
162 איך פריי זיך איבער דיין וואָרט,
ווי איינער וואָס געפינט אַ סך רויב.
163 ליגן האָב איך פיינט און פאַראומווערדיק,
דיין תּורה האָב איך ליב.
164 זיבן מאָל אַ טאָג לויב איך דיך
פאַר דיינע גערעכטע משפּטים.
165 גרויס פריד איז פאַר די ליבהאָבער פון דיין תּורה,
און ניטאָ פאַר זיי קיין שטרויכלונג.
166 איך האָב אויסגעקוקט אויף דיין הילף, גאָט,
און דיינע געבאָט האָב איך געטאָן.
167 מיין זעל האָט געהיט דיינע אָנזאָגן,
און איך האָב זיי ליב זייער.
168 איך האָב געהיט דיינע באַפעלן און דיינע אָנזאָגן,
וואָרום אַלע מיינע וועגן זיינען פאַר דיר.

[א] וואָרטשפּיל: צַר־וּמָצוֹק מְצָאוּנִי מִצְוֹתֶיךָ.

ת

166 זאָל גענענען מיין געשריי פאַר דיר, גאָט;
מאַך מיך פאַרשטיין, לויט דיין וואָרט.
170 זאָל קומען מיין געבֿעט פאַר דיר;
זיי מיך מציל לויט דיין צוזאָג.
171 מיינע ליפּן וועלן שטראָמען מיט לויבֿ,
אַז דו וועסט מיך לערנען דיינע געזעצן.
172 מיין צונג וועט זינגען דיין וואָרט,
וואָרום אַלע דיינע געבֿאָט זיינען גערעכטיקייט.
173 זאָל דיין האַנט זיין מיר צו הילף,
וואָרום דיינע באַפעלן האָבֿ איך אויסדערווײלט.
174 איך האָבֿ געשמאַכט נאָך דיין ישועה, גאָט,
און דיין תּורה איז מיין קוויקונג.
175 זאָל לעבֿן מיין זעל, און דיך לויבֿן,
און זאָלן דיינע משפּטים מיך העלפן.
176 איך האָבֿ געבֿלאָנדזשעט ווי אַ פאַרלאָרענע שאָף;
זוך אויף דיין קנעכט, וואָרום דיינע געבֿאָט האָבֿ איך
ניט פאַרגעסן.

# קכ

1 אַ געזאַנג פון די אַרויפגאַנגען.
אין מיין נויט האָבֿ איך גערופן צו גאָט,
און ער האָט מיר געענטפערט.
2 גאָט, זיי מציל מיין זעל
פון דער ליפּ פון ליגן, פון דער צונג פון באַטרוג.
3 וואָס וועט מען דיר געבן, און וואָס וועט מען דיר
צולייגן,
דו צונג פון באַטרוג?
4 שאַרפע גיבור־פיילן,
מיט קוילן פון בעזעמביימלעך.
5 ווי מיר, וואָס איך האַלט זיך אויף אין מֶשֶך,
וואָס איך וווין ביי די געצעלטן פון קֵדָר.
6 לאַנג האָט זיך אָנגעוווינט מיין זעל
ביי דעם שׂונא פון שלום.
7 איך בין לויטער שלום,
אָבער אַז איך רעד, זיינען זיי פאַר מלחמה.

# קכא

1 אַ געזאַנג פון די אַרויפגאַנגען.
איך הייב אויף מיינע אויגן צו די בערג:
פון וואַנען וועט קומען מיין הילף?
2 מיין הילף איז פון גאָט,
דעם באַשעפער פון הימל און ערד.
3 ניט לאָזן וועט ער זיך אויסגליטשן דיין פוס;
ניט שלומערן וועט דיין היטער.
4 זע, עס שלומערט ניט און שלאָפט ניט
דער היטער פון ישׂראל.
5 גאָט איז דיין היטער,
גאָט איז דיין שאָטן ביי דיין רעכטער האַנט;
6 ביי טאָג וועט די זון דיך ניט שלאָגן,
און ניט ביי נאַכט די לבנה.
7 גאָט וועט דיך באַהיטן פון אַלעם בייז,
ער וועט באַהיטן דיין זעל.

קסט כָּל־דְּרָכַי נֶגְדֶּךָ׃ תִּקְרַב רִנָּתִי לְפָנֶיךָ יְהוָה כִּדְבָרְךָ
קע קעא הֲבִינֵנִי׃ תָּבוֹא תְחִנָּתִי לְפָנֶיךָ כְּאִמְרָתְךָ הַצִּילֵנִי׃ תַּבַּעְנָה
קעב שְׂפָתַי תְּהִלָּה כִּי תְלַמְּדֵנִי חֻקֶּיךָ׃ תַּעַן לְשׁוֹנִי אִמְרָתֶךָ כִּי
קעג כָל־מִצְוֺתֶיךָ צֶּדֶק׃ תְּהִי־יָדְךָ לְעָזְרֵנִי כִּי פִקּוּדֶיךָ בָחָרְתִּי׃
קעד קעה תָּאַבְתִּי לִישׁוּעָתְךָ יְהוָה וְתוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי׃ תְּחִי־נַפְשִׁי
קעו וּתְהַלְלֶךָּ וּמִשְׁפָּטֶךָ יַעֲזְרֻנִי׃ תָּעִיתִי כְּשֶׂה אֹבֵד בַּקֵּשׁ
עַבְדֶּךָ כִּי מִצְוֺתֶיךָ לֹא שָׁכָחְתִּי׃

קכ

א ב שִׁיר הַמַּעֲלוֹת אֶל־יְהוָה בַּצָּרָתָה לִּי קָרָאתִי וַיַּעֲנֵנִי׃ יְהוָה
ג הַצִּילָה נַפְשִׁי מִשְּׂפַת־שֶׁקֶר מִלָּשׁוֹן רְמִיָּה׃ מַה־יִּתֵּן לְךָ
ד וּמַה־יֹּסִיף לָךְ לָשׁוֹן רְמִיָּה׃ חִצֵּי גִבּוֹר שְׁנוּנִים עִם גַּחֲלֵי
ה רְתָמִים׃ אוֹיָה לִי כִּי־גַרְתִּי מֶשֶׁךְ שָׁכַנְתִּי עִם־אָהֳלֵי קֵדָר׃
ו ז רַבַּת שָׁכְנָה־לָּהּ נַפְשִׁי עִם שׂוֹנֵא שָׁלוֹם׃ אֲנִי שָׁלוֹם וְכִי
אֲדַבֵּר הֵמָּה לַמִּלְחָמָה׃

קכא

א שִׁיר לַמַּעֲלוֹת אֶשָּׂא עֵינַי אֶל־הֶהָרִים מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי׃
ב ג עֶזְרִי מֵעִם יְהוָה עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ׃ אַל־יִתֵּן לַמּוֹט רַגְלֶךָ
ד אַל־יָנוּם שֹׁמְרֶךָ׃ הִנֵּה לֹא־יָנוּם וְלֹא יִישָׁן שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל׃
ה ו יְהוָה שֹׁמְרֶךָ יְהוָה צִלְּךָ עַל־יַד יְמִינֶךָ׃ יוֹמָם הַשֶּׁמֶשׁ
ז לֹא־יַכֶּכָּה וְיָרֵחַ בַּלָּיְלָה׃ יְהוָה יִשְׁמָרְךָ מִכָּל־רָע יִשְׁמֹר
ח אֶת־נַפְשֶׁךָ׃ יְהוָה יִשְׁמָר־צֵאתְךָ וּבוֹאֶךָ מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָם׃

קכב

א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד שָׂמַחְתִּי בְּאֹמְרִים לִי בֵּית יְהוָה נֵלֵךְ׃
ב ג עֹמְדוֹת הָיוּ רַגְלֵינוּ בִּשְׁעָרַיִךְ יְרוּשָׁלִָם׃ יְרוּשָׁלִַם הַבְּנוּיָה
ד כְּעִיר שֶׁחֻבְּרָה־לָּהּ יַחְדָּו׃ שֶׁשָּׁם עָלוּ שְׁבָטִים שִׁבְטֵי־יָהּ
ה עֵדוּת לְיִשְׂרָאֵל לְהֹדוֹת לְשֵׁם יְהוָה׃ כִּי שָׁמָּה ׀ יָשְׁבוּ
ו כִסְאוֹת לְמִשְׁפָּט כִּסְאוֹת לְבֵית דָּוִיד׃ שַׁאֲלוּ שְׁלוֹם יְרוּשָׁלִָם

---

קכ, ב׳ ה׳ סגל באתנח

8 גאָט וועט היטן דיין גיין און דיין קומען,
פון אַצונד און ביז אייביק.

# קכב

1 אַ געזאַנג פון די אַרויפגאַנגען; פון דודן.
איך פריי זיך אַז מע זאָגט מיר:
לאָמיר גיין אין גאָטס הויז.
2 אונדזערע פיס שטייען
אין דיינע טויערן, ירושלַים;
3 ירושלַים וואָס איז אויפגעבויט
ווי אַ שטאָט וואָס איז זיך באַהעפט אין איינעם;
4 וואָס אַהין גייען אַרויף די שבטים,
די שבטים פון יָה,
פאַר אַן עדות צו ישׂראל,
צו דאַנקען דעם נאָמען פון גאָט.
5 וואָרום דאָרטן שטייען טראָנען פון משפט,
די טראָנען פון דודס הויז.
6 בעט פאַר דעם שלום פון ירושלַים;

יִשְׁלָיוּ אֹהֲבָיִךְ׃ יְהִי־שָׁלוֹם בְּחֵילֵךְ שַׁלְוָה בְּאַרְמְנוֹתָיִךְ׃ ז
לְמַעַן אַחַי וְרֵעָי אֲדַבְּרָה־נָּא שָׁלוֹם בָּךְ׃ לְמַעַן בֵּית־יְהוָה ח ט
אֱלֹהֵינוּ אֲבַקְשָׁה טוֹב לָךְ׃

קכג

שִׁיר הַמַּעֲלוֹת אֵלֶיךָ נָשָׂאתִי אֶת־עֵינַי הַיֹּשְׁבִי בַּשָּׁמָיִם׃ א
הִנֵּה כְעֵינֵי עֲבָדִים אֶל־יַד אֲדוֹנֵיהֶם כְּעֵינֵי שִׁפְחָה אֶל־יַד ב
גְּבִרְתָּהּ כֵּן עֵינֵינוּ אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ עַד שֶׁיְּחָנֵּנוּ׃ חָנֵּנוּ יְהוָה ג
חָנֵּנוּ כִּי־רַב שָׂבַעְנוּ בוּז׃ רַבַּת שָׂבְעָה־לָּהּ נַפְשֵׁנוּ הַלַּעַג ד
הַשַּׁאֲנַנִּים הַבּוּז לִגְאֵיוֹנִים׃

קכד

שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד לוּלֵי יְהוָה שֶׁהָיָה לָנוּ יֹאמַר־נָא א
יִשְׂרָאֵל׃ לוּלֵי יְהוָה שֶׁהָיָה לָנוּ בְּקוּם עָלֵינוּ אָדָם׃ אֲזַי ב ג
חַיִּים בְּלָעוּנוּ בַּחֲרוֹת אַפָּם בָּנוּ׃ אֲזַי הַמַּיִם שְׁטָפוּנוּ נַחְלָה ד
עָבַר עַל־נַפְשֵׁנוּ׃ אֲזַי עָבַר עַל־נַפְשֵׁנוּ הַמַּיִם הַזֵּידוֹנִים׃ ה
בָּרוּךְ יְהוָה שֶׁלֹּא נְתָנָנוּ טֶרֶף לְשִׁנֵּיהֶם׃ נַפְשֵׁנוּ כְּצִפּוֹר ו ז
נִמְלְטָה מִפַּח יוֹקְשִׁים הַפַּח נִשְׁבָּר וַאֲנַחְנוּ נִמְלָטְנוּ׃ עֶזְרֵנוּ ח
בְּשֵׁם יְהוָה עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ׃

קכה

שִׁיר הַמַּעֲלוֹת הַבֹּטְחִים בַּיהוָה כְּהַר־צִיּוֹן לֹא־יִמּוֹט א
לְעוֹלָם יֵשֵׁב׃ יְרוּשָׁלִַם הָרִים סָבִיב לָהּ וַיהוָה סָבִיב ב
לְעַמּוֹ מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָם׃ כִּי לֹא יָנוּחַ שֵׁבֶט הָרֶשַׁע עַל ג
גּוֹרַל הַצַּדִּיקִים לְמַעַן לֹא־יִשְׁלְחוּ הַצַּדִּיקִים ׀ בְּעַוְלָתָה
יְדֵיהֶם׃ הֵיטִיבָה יְהוָה לַטּוֹבִים וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם׃ ד
וְהַמַּטִּים עֲקַלְקַלּוֹתָם יוֹלִיכֵם יְהוָה אֶת־פֹּעֲלֵי הָאָוֶן שָׁלוֹם ה
עַל־יִשְׂרָאֵל׃

קכו

שִׁיר הַמַּעֲלוֹת בְּשׁוּב יְהוָה אֶת־שִׁיבַת צִיּוֹן הָיִינוּ כְּחֹלְמִים׃ א

---

קכג, ד׳ לגאי יונים קרי

זאָלן אין שַׁלווה זיין אַלע דיינע ליבהאָבער[א].
7 זאָל זיין שלום אין דיין מויער,
שַׁלווה אין דיינע פּאַלאַצן.
8 פון וועגן מיינע ברידער און מיינע חברים
לאָמיך זאָגן: שלום אין דיר!
9 פון וועגן דעם הויז פון יהוה אונדזער גאָט
ווינטש איך דיר גוטס.

## קכג

1 אַ געזאַנג פון די אַרויפגאַנגען.
צו דיר הייב איך אויף מיינע אויגן,
דו וואָס טראָנסט אין די הימלען.
2 זע, ווי די אויגן פון קנעכט
צו דער האַנט פון זייער האַר,
ווי די אויגן פון אַ דינסט
צו דער האַנט פון איר האַרינטע,
אַזוי זיינען אונדזערע אויגן צו יהוה אונדזער גאָט,
ביז ער וועט אונדז לייטזעליקן.

3 לייטזעליק אונדז, גאָט, לייטזעליק אונדז,
וואָרום איבערזאַט זיינען מיר מיט פאַראַכטונג.
4 איבערזאַט איז אונדזער זעל
מיט דעם געשפּעט פון די רואיקע,
מיט דער פאַראַכטונג פון די האָפערדיקע דריקער.

## קכד

1 אַ געזאַנג פון די אַרויפגאַנגען; פון דודן.
ווען ניט גאָט וואָס איז געווען מיט אונדז—
זאָל נון זאָגן ישׂראל—
2 ווען ניט גאָט וואָס איז געווען מיט אונדז,
בעת מענטשן זיינען אויפגעשטאַנען אויף אונדז,
3 דענסמאָל וואָלטן זיי אונדז לעבעדיקערהייט אַיינ־
געשלונגען,
ווען זייער צאָרן האָט געגרימט אויף אונדז;
4 דענסמאָל וואָלטן אונדז די וואַסערן פאַרפלייצט,
דער טייך וואָלט אַריבערגעגאַנגען איבער אונדזער זעל;
5 דענסמאָל וואָלטן אַריבער איבער אונדזער זעל
די מוטווילִיקע וואַסערן.

6 געלויבט איז גאָט,
וואָס ער האָט אונדז ניט געגעבן
פאַר רויב צו זייערע ציין.
7 אונדזער זעל איז אַנטרונען געוואָרן ווי אַ פויגל
פון די פאַנגערס פאַסטקע;
די פאַסטקע איז צעבראָכן געוואָרן,
און מיר זיינען אַנטרונען געוואָרן.
8 אונדזער הילף איז אין נאָמען פון גאָט,
דעם באַשעפער פון הימל און ערד.

## קכה

1 אַ געזאַנג פון די אַרויפגאַנגען.
די וואָס פאַרזיכערן זיך אויף גאָט
זיינען אַזוי ווי באַרג ציון,
וואָס רירט זיך ניט;
אייביק פאַרבלייבט ער.
2 ירושָלַיִם—אַרום איר זיינען בערג,
און גאָט איז אַרום זיין פאָלק,
פון אַצונד און ביז אייביק.
3 וואָרום דער שטעקן פון שלעכטיקייט וועט ניט רוען
אויף דעם גורל פון די גערעכטע,
כּדי די גערעכטע זאָלן ניט אויסשטרעקן
אין אומגערעכטיקייט זייערע הענט.

4 באַגיטיק, גאָט, די גוטע,
און די וואָס זיינען רעכטפאַרטיק אין זייערע הערצער.
5 אָבער די וואָס נייגן זיך אויף זייערע קרומע וועגן,
זיי וועט גאָט אַוועקפירן מיט די טוער פון אומרעכט.
שלום אויף ישׂראל!

## קכו

1 אַ געזאַנג פון די אַרויפגאַנגען.
אַז גאָט האָט אומגעקערט די אומקערונג פון ציון;
זיינען מיר געווען ווי אין חלום.

[א] ווערטשפּיל: שַׁאֲלוּ שְׁלוֹם יְרוּשָׁלָםִ יִשְׁלָיוּ אֹהֲבָיִךְ.

2 דענסמאָל איז פול געוואָרן אונדזער מויל מיט
געלעכטער,
און אונדזער צונג מיט געזאַנג;
דענסמאָל האָט מען געזאָגט צווישן די פעלקער:
גרויס געטאָן האָט גאָט מיט דידאָזיקע.
3 גרויס געטאָן האָט גאָט מיט אונדז,
מיר זיינען דערפרייט געוואָרן.

4 ריכט אונדז, גאָט, ווידער אויף
ווי שטראָמען אין טרוקענעם לאַנד.
5 די וואָס זייען מיט טרערן,
זאָלן שניידן מיט געזאַנג.
6 גיין גייט און וויינט
דער וואָס טראָגט דעם אויסשיט פון זריעה,
אָבער קומען זאָל קומען מיט געזאַנג
דער וואָס טראָגט זיינע גאַרבן.

## קכז

1 אַ געזאַנג פון די אַרויפגאַנגען; פון שלמהן.
אַז גאָט בויט ניט אַ הויז,
אומזיסט מיען זיך זיינע בויערס אויף אים;
אַז גאָט היט ניט אַ שטאָט,
אומזיסט וואַכט דער שומר.
2 אומזיסט אַייך, איר וואָס פעדערט אַייך אויפצו־
שטיין,
וואָס זיצט־אויף שפּעט,
וואָס עסט ברויט מיט מאַטערניש;
אַזויוואָס גיט ער זיין באַליבטן אין שלאָף.

3 זע, די אַרב פון גאָט זיינען קינדער,
דער שכר איז פרוכט פון לייב.
4 ווי פיילן אין דער האַנט פון גיבור,
אַזוי זיינען קינדער פון דער יוגנט.
5 וויל צו דעם מאַן
וואָס האָט אָנגעפילט זיין פיילבייטל מיט זיי!
זיי וועלן ניט פאַרשעמט ווערן,
אַז זיי וועלן רעדן מיט די פיינט אין טויער.

## קכח

1 אַ געזאַנג פון די אַרויפגאַנגען.
וויל צו איטלעכן וואָס פאָרכט גאָט,
וואָס גייט אין זיינע וועגן.
2 די מי פון דיינע הענט אַז דו עסט,
וויל איז צו דיר, און גוט איז צו דיר.
3 דיין ווייב ווי אַ פרוכטיקער ווינשטאָק,
אין די ווינקלען פון דיין הויז;
דיינע קינדער ווי איילבערטפלאַנצן,
רונד אַרום דיין טיש.
4 יאָ, אָט אַזוי ווערט געבענטשט
דער מאַן וואָס פאָרכט גאָט.
5 גאָט זאָל דיך בענטשן פון ציון,
און זע דאָס גוטס פון ירושלים
אַלע טעג פון דיין לעבן;
6 און זע קינדער בײַ דיינע קינדער.
שלום אויף ישׂראל!

ב אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה אָז יֹאמְרוּ בַגּוֹיִם הִגְדִּיל
ג יְהוָה לַעֲשׂוֹת עִם־אֵלֶּה׃ הִגְדִּיל יְהוָה לַעֲשׂוֹת עִמָּנוּ הָיִינוּ
ד שְׂמֵחִים׃ שׁוּבָה יְהוָה אֶת־שְׁבוּתֵנוּ כַּאֲפִיקִים בַּנֶּגֶב׃
ה ו הַזֹּרְעִים בְּדִמְעָה בְּרִנָּה יִקְצֹרוּ׃ הָלוֹךְ יֵלֵךְ ׀ וּבָכֹה נֹשֵׂא
מֶשֶׁךְ־הַזָּרַע בֹּא־יָבֹא בְרִנָּה נֹשֵׂא אֲלֻמֹּתָיו׃

קכז

א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לִשְׁלֹמֹה אִם־יְהוָה ׀ לֹא־יִבְנֶה בַיִת שָׁוְא
עָמְלוּ בוֹנָיו בּוֹ אִם־יְהוָה לֹא־יִשְׁמָר־עִיר שָׁוְא ׀ שָׁקַד
ב שׁוֹמֵר׃ שָׁוְא לָכֶם ׀ מַשְׁכִּימֵי קוּם מְאַחֲרֵי־שֶׁבֶת אֹכְלֵי לֶחֶם
ג הָעֲצָבִים כֵּן יִתֵּן לִידִידוֹ שֵׁנָא׃ הִנֵּה נַחֲלַת יְהוָה בָּנִים
ד שָׂכָר פְּרִי הַבָּטֶן׃ כְּחִצִּים בְּיַד־גִּבּוֹר כֵּן בְּנֵי הַנְּעוּרִים׃
ה אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר אֲשֶׁר מִלֵּא אֶת־אַשְׁפָּתוֹ מֵהֶם לֹא יֵבֹשׁוּ כִּי
יְדַבְּרוּ אֶת־אוֹיְבִים בַּשָּׁעַר׃

קכח

א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת אַשְׁרֵי כָּל־יְרֵא יְהוָה הַהֹלֵךְ בִּדְרָכָיו׃
ב ג יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ׃ אֶשְׁתְּךָ ׀ כְּגֶפֶן
פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ׃
ד ה הִנֵּה כִי־כֵן יְבֹרַךְ גָּבֶר יְרֵא יְהוָה׃ יְבָרֶכְךָ יְהוָה מִצִּיּוֹן
ו וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ׃ וּרְאֵה־בָנִים לְבָנֶיךָ
שָׁלוֹם עַל־יִשְׂרָאֵל׃

קכט

א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת רַבַּת צְרָרוּנִי מִנְּעוּרַי יֹאמַר־נָא יִשְׂרָאֵל׃
ב ג רַבַּת צְרָרוּנִי מִנְּעוּרָי גַּם לֹא־יָכְלוּ לִי׃ עַל־גַּבִּי חָרְשׁוּ
ד חֹרְשִׁים הֶאֱרִיכוּ לְמַעֲנוֹתָם׃ יְהוָה צַדִּיק קִצֵּץ עֲבוֹת
ה ו רְשָׁעִים׃ יֵבֹשׁוּ וְיִסֹּגוּ אָחוֹר כֹּל שֹׂנְאֵי צִיּוֹן׃ יִהְיוּ כַּחֲצִיר
ז גַּגּוֹת שֶׁקַּדְמַת שָׁלַף יָבֵשׁ׃ שֶׁלֹּא מִלֵּא כַפּוֹ קוֹצֵר וְחִצְנוֹ
ח מְעַמֵּר׃ וְלֹא אָמְרוּ ׀ הָעֹבְרִים בִּרְכַּת יְהוָה אֲלֵיכֶם בֵּרַכְנוּ
אֶתְכֶם בְּשֵׁם יְהוָה׃

קכו, ד׳ שביתנו קרי   קכ ז, ב׳ א׳ במקום ה׳   קכח, ד׳ קמץ נרביע   קכ ט, ג׳ למענותם קרי

## קכט

1 אַ געזאַנג פון די אַרויפגאַנגען.
פיל האָבן זיי מיך געדריקט פון מיין יוגנט—
זאָל נון זאָגן ישׂראל—
2 פיל האָבן זיי מיך געדריקט פון מיין יוגנט,
און האָבן מיך ניט בייגעקומען.
3 אויף מיין רוקן האָבן אַקערער געאַקערט,
זיי האָבן לאַנג געמאַכט זייערע בייטן.
4 גאָט דער גערעכטער
האָט דורכגעהאַקט די שטריק פון די רשעים.
5 זיך שעמען און אָפּטרעטן אַהינטער
וועלן אַלע שׂונאים פון ציון.
6 זיי וועלן זיין ווי גראָז פון דעכער,
וואָס איידער עס איז אַרויס, איז עס פאַרטריקנט;
7 וואָס דער שניטער פילט ניט דערמיט זיין האַנט,
און דער גאַרבנבינדער זיין בוזעם;
8 און די פאַרבייגייער זאָגן ניט:
גאָטס ברכה אויף אַייך!
מיר בענטשן אַייך אין נאָמען פון גאָט.

## קל

א ב שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ יְהוָה׃ אֲדֹנָי שִׁמְעָה
ג בְקוֹלִי תִּהְיֶינָה אָזְנֶיךָ קַשֻּׁבוֹת לְקוֹל תַּחֲנוּנָי׃ אִם־עֲוֺנוֹת
ד תִּשְׁמָר־יָהּ אֲדֹנָי מִי יַעֲמֹד׃ כִּי־עִמְּךָ הַסְּלִיחָה לְמַעַן תִּוָּרֵא׃
ה ו קִוִּיתִי יְהוָה קִוְּתָה נַפְשִׁי וְלִדְבָרוֹ הוֹחָלְתִּי׃ נַפְשִׁי לַאדֹנָי
ז מִשֹּׁמְרִים לַבֹּקֶר שֹׁמְרִים לַבֹּקֶר׃ יַחֵל יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוָה
ח כִּי־עִם־יְהוָה הַחֶסֶד וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת׃ וְהוּא יִפְדֶּה אֶת־
יִשְׂרָאֵל מִכֹּל עֲוֺנֹתָיו׃

## קלא

א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד יְהוָה ׀ לֹא־גָבַהּ לִבִּי וְלֹא־רָמוּ עֵינַי
ב וְלֹא־הִלַּכְתִּי ׀ בִּגְדֹלוֹת וּבְנִפְלָאוֹת מִמֶּנִּי׃ אִם־לֹא שִׁוִּיתִי ׀
ג וְדוֹמַמְתִּי נַפְשִׁי כְּגָמֻל עֲלֵי אִמּוֹ כַּגָּמֻל עָלַי נַפְשִׁי׃ יַחֵל
יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוָה מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָם׃

## קלב

א ב שִׁיר הַמַּעֲלוֹת זְכוֹר־יְהוָה לְדָוִד אֵת כָּל־עֻנּוֹתוֹ׃ אֲשֶׁר
ג נִשְׁבַּע לַיהוָה נָדַר לַאֲבִיר יַעֲקֹב׃ אִם־אָבֹא בְּאֹהֶל בֵּיתִי
ד אִם־אֶעֱלֶה עַל־עֶרֶשׂ יְצוּעָי׃ אִם־אֶתֵּן שְׁנַת לְעֵינָי לְעַפְעַפַּי
ה תְּנוּמָה׃ עַד־אֶמְצָא מָקוֹם לַיהוָה מִשְׁכָּנוֹת לַאֲבִיר
ו יַעֲקֹב׃ הִנֵּה־שְׁמַעֲנוּהָ בְאֶפְרָתָה מְצָאנוּהָ בִּשְׂדֵי־יָעַר׃
ז ח נָבוֹאָה לְמִשְׁכְּנוֹתָיו נִשְׁתַּחֲוֶה לַהֲדֹם רַגְלָיו׃ קוּמָה יְהוָה
ט לִמְנוּחָתֶךָ אַתָּה וַאֲרוֹן עֻזֶּךָ׃ כֹּהֲנֶיךָ יִלְבְּשׁוּ־צֶדֶק וַחֲסִידֶיךָ
י יא יְרַנֵּנוּ׃ בַּעֲבוּר דָּוִד עַבְדֶּךָ אַל־תָּשֵׁב פְּנֵי מְשִׁיחֶךָ׃ נִשְׁבַּע־
יְהוָה ׀ לְדָוִד אֱמֶת לֹא־יָשׁוּב מִמֶּנָּה מִפְּרִי בִטְנְךָ אָשִׁית
יב לְכִסֵּא־לָךְ׃ אִם־יִשְׁמְרוּ בָנֶיךָ ׀ בְּרִיתִי וְעֵדֹתִי זוֹ אֲלַמְּדֵם
יג גַּם־בְּנֵיהֶם עֲדֵי־עַד יֵשְׁבוּ לְכִסֵּא־לָךְ׃ כִּי־בָחַר יְהוָה
יד בְּצִיּוֹן אִוָּהּ לְמוֹשָׁב לוֹ׃ זֹאת־מְנוּחָתִי עֲדֵי־עַד פֹּה אֵשֵׁב
טו כִּי אִוִּתִיהָ׃ צֵידָהּ בָּרֵךְ אֲבָרֵךְ אֶבְיוֹנֶיהָ אַשְׂבִּיעַ לָחֶם׃
טז יז וְכֹהֲנֶיהָ אַלְבִּישׁ יֶשַׁע וַחֲסִידֶיהָ רַנֵּן יְרַנֵּנוּ׃ שָׁם ׀ אַצְמִיחַ

## קל

1 אַ געזאַנג פון די אַרויפגאַנגען.
פון די טיפענישן רוף איך דיך, גאָט.
2 גאָט, הער צו מיין קָול;
זאָלן דיינע אויערן זיין פאַרנעמיק
צו דעם קָול פון מיינע געבעטן.
3 אַז דו, גאָט, וואָלסט אַכטן אויף זינד,
ווער, גאָט, קען באַשטיין?
4 וואָרום ביי דיר איז פאַרגעבונג,
דרום ווערסטו געפאָרכט.

5 איך האָב געהאָפט אויף גאָט, געהאָפט האָט מיין זעל,
און אויף זיין וואָרט האָב איך געהאַרט.
6 מיין זעל [קוקט אויס] אויף גאָט
מער ווי וועכטער אויפן פרימאָרגן,
וועכטער אויפן פרימאָרגן.

7 האַר, ישראל, אויף גאָט,
וואָרום ביי גאָט איז גענאָד,
און ביי אים איז גרויס אויסלייזונג.
8 און ער וועט אויסלייזן ישראל
פון אַלע זיינע זינד.

## קלא

1 אַ געזאַנג פון די אַרויפגאַנגען; פון דודן.
גאָט, ניט האָפערדיק איז מיין האַרץ,
און ניט דערהויבן ויינען מיינע אויגן,
און איך בין ניט אומגעגאַנגען מיט זאַכן
צו גרויס און פאַרהוילן פון מיר.
2 פאַרוואָר, איך האָב באַרוט און איינגעשטילט מיין זעל
אַזוי ווי אַן אַנטוווינטער ביי זיין מוטער;
אַזוי ווי אַן אַנטוווינטער איז ביי מיר מיין זעל.

3 האַר, ישראל, אויף גאָט
פון אַצונד און ביז אייביק.

## קלב

1 אַ געזאַנג פון די אַרויפגאַנגען.
געדענק, גאָט, דודן
אַל זיין פּלאָגן זיך.
2 ווי ער האָט געשוואָרן צו גאָט,
אַ נדר געטאָן צום מאַכטיקן פון יעקב:
3 אויב איך וועל קומען אין געצעלט פון מיין הויז,
אויב איך וועל אַרויף אויף דעם בעט פון מיין געלעגער,
4 אויב איך וועל געבן שלאָף צו מיינע אויגן,
צו מיינע ברעמען שלומער,
5 ביז איך וועל געפינען אַן אָרט פאַר גאָט,
אַ וווינונג פאַר דעם מאַכטיקן פון יעקב!

6 זע, מיר האָבן געהערט אַז עס איז אין אֶפרת,
מיר האָבן עס געפונען אין פעלד פון יַער[*].
7 לאָמיר קומען צו זיין וווינונג,
לאָמיר זיך בוקן צו זיין פוסבענקל.
8 שטיי אויף, גאָט, צו דיין רו,
דו און דער אָרון פון דיין שטאַרקייט.
9 דיינע כֹּהנים זאָלן זיך אָנקליידן אין גערעכטיקייט,
און דיינע פרומע זאָלן זינגען.

10 פון וועגן דוד דיין קנעכט,
זאָלסט ניט אָפּשטויסן דעם פּנים פון דיין געזאַלבטן.

11 גאָט האָט אמת געשוואָרן צו דודן,
ער וועט זיך ניט אָפּקערן דערפון:
פון דער פרוכט פון דיין לייב
וועל איך זעצן אויף דיין טראָן.
12 אויב דיינע זין וועלן היטן מיין בונד,
און מיין געזעץ וואָס איך וועל זיי לערנען,
וועלן אויך זייערע זין ביז אייביק
זיצן אויף דיין טראָן.
13 וואָרום גאָט האָט אויסדערוויילט ציון,
זי געגלוסט פאַר זיין וווינונג:
14 דאָס איז מיין רואונג ביז אייביק,
דאָ וועל איך זיצן, ווייל איך גלוסט זי.
15 בענטשן וועל איך בענטשן איר שפייז,
אירע באַדערפטיקע וועל איך זעטן מיט ברויט.
16 און אירע כֹּהנים וועל איך אָנקליידן אין הילף,
און זינגען וועלן זינגען אירע פרומע.
17 דאָרטן וועל איך מאַכן שפּראָצן אַ האָרן פאַר דודן,

[*] זע שמואל א' ז, 2. און דברי הימים א' יג, 5.

יח קֶ֤רֶן לְדָוִ֑ד עָרַ֥כְתִּי נֵ֝֗ר לִמְשִׁיחִֽי׃ א֭וֹיְבָיו אַלְבִּ֣ישׁ בֹּ֑שֶׁת
וְ֝עָלָ֗יו יָצִ֥יץ נִזְרֽוֹ׃

קלג

א שִׁ֥יר הַֽמַּעֲל֗וֹת לְדָ֫וִ֥ד הִנֵּ֣ה מַה־טּ֭וֹב וּמַה־נָּעִ֑ים שֶׁ֖בֶת אַחִ֣ים
ב גַּם־יָֽחַד׃ כַּשֶּׁ֤מֶן הַטּ֨וֹב ׀ עַל־הָרֹ֗אשׁ יֹרֵ֗ד עַֽל־הַזָּ֭קָן זְקַֽן
ג אַהֲרֹ֑ן שֶׁ֝יֹּרֵ֗ד עַל־פִּ֥י מִדּוֹתָֽיו׃ כְּטַל־חֶ֟רְמ֗וֹן שֶׁיֹּרֵד֮ עַל־הַרְרֵ֪י
צִ֫יּ֥וֹן כִּ֤י שָׁ֨ם ׀ צִוָּ֣ה יְ֭הוָה אֶת־הַבְּרָכָ֑ה חַ֝יִּ֗ים עַד־הָעוֹלָֽם׃

קלד

א שִׁ֗יר הַֽמַּ֫עֲל֥וֹת הִנֵּ֤ה ׀ בָּרְכ֣וּ אֶת־יְ֭הוָה כָּל־עַבְדֵ֣י יְהוָ֑ה הָעֹמְדִ֥ים
ב בְּבֵית־יְ֝הוָ֗ה בַּלֵּילֽוֹת׃ שְׂאֽוּ־יְדֵכֶ֥ם קֹ֑דֶשׁ וּ֝בָרְכוּ אֶת־יְהוָֽה׃
ג יְבָרֶכְךָ֣ יְ֭הוָה מִצִּיּ֑וֹן עֹ֝שֵׂ֗ה שָׁמַ֥יִם וָאָֽרֶץ׃

קלה

א ב הַ֥לְלוּ־יָ֨הּ ׀ הַ֭לְלוּ אֶת־שֵׁ֣ם יְהוָ֑ה הַ֝לְל֗וּ עַבְדֵ֥י יְהוָֽה׃ שֶׁ֣עֹמְדִים
ג בְּבֵ֣ית יְהוָ֑ה בְּ֝חַצְר֗וֹת בֵּ֣ית אֱלֹהֵֽינוּ׃ הַֽ֭לְלוּ־יָהּ כִּי־ט֣וֹב
ד יְהוָ֑ה זַמְּר֥וּ לִ֝שְׁמ֗וֹ כִּ֣י נָעִֽים׃ כִּֽי־יַ֭עֲקֹב בָּחַ֣ר ל֣וֹ יָ֑הּ יִ֝שְׂרָאֵ֗ל
ה לִסְגֻלָּתֽוֹ׃ כִּ֤י אֲנִ֣י יָ֭דַעְתִּי כִּֽי־גָד֣וֹל יְהוָ֑ה וַ֝אֲדֹנֵ֗ינוּ מִכָּל־
ו אֱלֹהִֽים׃ כֹּ֤ל אֲשֶׁר־חָפֵ֥ץ יְהוָ֗ה עָ֫שָׂ֥ה בַּשָּׁמַ֥יִם וּבָאָ֑רֶץ בַּ֝יַּמִּ֗ים
ז וְֽכָל־תְּהֹמֽוֹת׃ מַֽעֲלֶ֪ה נְשִׂאִ֡ים מִקְצֵ֬ה הָאָ֗רֶץ בְּרָקִ֣ים לַמָּטָ֣ר
ח עָשָׂ֑ה מֽוֹצֵא־ר֝֗וּחַ מֵאוֹצְרוֹתָֽיו׃ שֶׁ֭הִכָּה בְּכוֹרֵ֣י מִצְרָ֑יִם
ט מֵ֝אָדָ֗ם עַד־בְּהֵמָֽה׃ שָׁלַ֤ח ׀ אֹת֣וֹת וּ֭מֹפְתִים בְּתוֹכֵ֣כִי מִצְרָ֑יִם
י בְּ֝פַרְעֹ֗ה וּבְכָל־עֲבָדָֽיו׃ שֶׁ֭הִכָּה גּוֹיִ֣ם רַבִּ֑ים וְ֝הָרַ֗ג מְלָכִ֥ים
יא עֲצוּמִֽים׃ לְסִיח֤וֹן ׀ מֶ֤לֶךְ הָאֱמֹרִ֗י וּ֭לְעוֹג מֶ֣לֶךְ הַבָּשָׁ֑ן וּ֝לְכֹ֗ל
יב מַמְלְכ֥וֹת כְּנָֽעַן׃ וְנָתַ֣ן אַרְצָ֣ם נַחֲלָ֑ה נַ֝חֲלָ֗ה לְיִשְׂרָאֵ֥ל עַמּֽוֹ׃
יג יד יְ֭הוָה שִׁמְךָ֣ לְעוֹלָ֑ם יְ֝הוָ֗ה זִכְרְךָ֥ לְדֹר־וָדֹֽר׃ כִּֽי־יָדִ֣ין יְהוָ֣ה
טו עַמּ֑וֹ וְעַל־עֲ֝בָדָ֗יו יִתְנֶחָֽם׃ עֲצַבֵּ֣י הַ֭גּוֹיִם כֶּ֣סֶף וְזָהָ֑ב מַ֝עֲשֵׂ֗ה
טז יְדֵ֣י אָדָֽם׃ פֶּֽה־לָ֭הֶם וְלֹ֣א יְדַבֵּ֑רוּ עֵינַ֥יִם לָ֝הֶ֗ם וְלֹ֣א יִרְאֽוּ׃

קלד, א׳ ס״א הנה ברכו   קלה, ה׳ א׳ נעה

איך האָב אָנגעבריט אַ ליכט פאַר מיין געזאַלבטן.
18 זיינע פיינט וועל איך אָנקליידן אין שאַנד,
און אויף אים וועט שיינען זיין קרוין.

## קלג

1 אַ געזאַנג פון די אַרויפגאַנגען; פון דודן.
זע, ווי גוּט און ווי ליב
איז דאָס זיצן פון ברידער באַנאַנד.
2 אַזוי ווי טייער אייל אויפן קאָפּ,
וואָס נידערט אַראָפּ אויף דער באָרד –
אויף דער באָרד פון אַהרנען,
וואָס נידערט אויפן קאָלנער פון זיינע קליידער;
3 אַזוי ווי דער חֶרמון-טוי וואָס נידערט
אויף די בערג פון ציון;
וואָרום דאָרטן האָט גאָט באַפוילן אַ ברכה,
לעבן ביז אייביק.

## קלד

1 אַ געזאַנג פון די אַרויפגאַנגען.
פאַרוואָר, בענטשט גאָט, אַלע קנעכט פון גאָט,
וואָס שטייט אין גאָטס הויז אין די נעכט.
2 הייבט אויף אייערע הענט צום הייליקטום,
און בענטשט גאָט.
3 בענטשן זאָל דיך פון ציון גאָט,
דער באַשעפער פון הימל און ערד.

## קלה

1 הַלְלוּיָה.
לויבט דעם נאָמען פון גאָט,
לויבט, איר קנעכט פון גאָט,
2 וואָס שטייט אין הויז פון יהוה,
אין די הויפן פון אונדזער גאָטס הויז.
3 לויבט גאָט וואָרום גאָט איז גוּט,
זינגט צו זיין נאָמען, וואָרום ער איז ליב.
4 וואָרום גאָט האָט אויסדערוויילט פאַר זיך יעקב,
ישׂראל פאַר זיין באַזונדער אייגנס.

5 וואָרום איך ווייס אַז יהוה איז גרויס,
און אונדזער האַר איבער אַלע געטער.
6 אַלץ וואָס גאָט באַגערט, טוט ער,
אין הימל און אויף דער ערד,
אין די ימען און אַלע תּהומען.
7 ער ברענגט אויף וואָלקנס פון עק ערד,
ער מאַכט בליצן צום רעגן,
ער ציט אַרויס פון זיינע שפּייכלערס דעם ווינט.

8 [ער איז] דער וואָס האָט געשלאָגן די בכורים פון מִצרַיִם,
פון אַ מענטשן ביז אַ בהמה.
9 ער האָט געשיקט צייכנס און וואונדער צווישן דיר, מִצרַיִם,
אויף פּרעהן און אויף אַלע זיינע קנעכט.

10 [ער איז] דער וואָס האָט געשלאָגן פיל פעלקער,
און געהרגעט מאַכטיקע מלכים:
11 סיחון דעם מלך פון אֶמוֹרי,
און עוֹג דעם מלך פון בָּשָן,
און אַלע קיניגרייכן פון כּנַעַן;
12 און געגעבן זייער לאַנד פאַר אַ נחלה,
אַ נחלה פאַר ישׂראל זיין פאָלק.

13 גאָט, דיין נאָמען איז אויף אייביק,
גאָט, דיין געדעכעניש איז אויף דור-דורות.
14 וואָרום גאָט וועט זיך אָננעמען פאַר זיין פאָלק,
און אויף זיינע קנעכט וועט ער זיך דערבאַרימען.
15 די געצנבילדער פון די פעלקער זיינען זילבער און גאָלד,
דאָס ווערק פון אַ מענטשנס הענט.
16 זיי האָבן אַ מויל און רעדן ניט,
זיי האָבן אויגן און זעען ניט;

אָזְנַיִם לָהֶם וְלֹא יַאֲזִינוּ אַף אֵין־יֶשׁ־רוּחַ בְּפִיהֶם׃ כְּמוֹהֶם יז יח
יִהְיוּ עֹשֵׂיהֶם כֹּל אֲשֶׁר־בֹּטֵחַ בָּהֶם׃ בֵּית יִשְׂרָאֵל בָּרְכוּ יט
אֶת־יְהוָה בֵּית אַהֲרֹן בָּרְכוּ אֶת־יְהוָה׃ בֵּית הַלֵּוִי בָּרְכוּ כ
אֶת־יְהוָה יִרְאֵי יְהוָה בָּרְכוּ אֶת־יְהוָה׃ בָּרוּךְ יְהוָה׀מִצִּיּוֹן כא
שֹׁכֵן יְרוּשָׁלָםִ הַלְלוּיָהּ׃

קלו

הוֹדוּ לַיהוָה כִּי־טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ א
הוֹדוּ לֵאלֹהֵי הָאֱלֹהִים כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ ב
הוֹדוּ לַאֲדֹנֵי הָאֲדֹנִים כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ ג
לְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדֹלוֹת לְבַדּוֹ כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ ד
לְעֹשֵׂה הַשָּׁמַיִם בִּתְבוּנָה כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ ה
לְרֹקַע הָאָרֶץ עַל־הַמָּיִם כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ ו
לְעֹשֵׂה אוֹרִים גְּדֹלִים כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ ז
אֶת־הַשֶּׁמֶשׁ לְמֶמְשֶׁלֶת בַּיּוֹם כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ ח
אֶת־הַיָּרֵחַ וְכוֹכָבִים לְמֶמְשְׁלוֹת בַּלָּיְלָה כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ ט
לְמַכֵּה מִצְרַיִם בִּבְכוֹרֵיהֶם כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ י
וַיּוֹצֵא יִשְׂרָאֵל מִתּוֹכָם כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ יא
בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ יב
לְגֹזֵר יַם־סוּף לִגְזָרִים כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ יג
וְהֶעֱבִיר יִשְׂרָאֵל בְּתוֹכוֹ כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ יד
וְנִעֵר פַּרְעֹה וְחֵילוֹ בְיַם־סוּף כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ טו
לְמוֹלִיךְ עַמּוֹ בַּמִּדְבָּר כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ טז
לְמַכֵּה מְלָכִים גְּדֹלִים כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ יז
וַיַּהֲרֹג מְלָכִים אַדִּירִים כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ יח
לְסִיחוֹן מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ יט
וּלְעוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ כ
וְנָתַן אַרְצָם לְנַחֲלָה כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ כא
נַחֲלָה לְיִשְׂרָאֵל עַבְדּוֹ כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ כב
שֶׁבְּשִׁפְלֵנוּ זָכַר לָנוּ כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ כג

קלה, כא׳ קמץ סגיט    קלו, ג׳ א׳ נעה

17 זיי האָבן אויערן און הערן ניט;
ניטאָ צומאָל אַן אָטעם אין זייער מויל.
18 זאָל ווערן ווי זיי די וואָס מאַכן זיי,
איטלעכער וואָס פאַרזיכערט זיך אויף זיי.
19 הויז פון ישׂראל, לויבט גאָט;
הויז פון אַהרן, לויבט גאָט;
20 הויז פון לֵוִי, לויבט גאָט;
איר גאָטספאָרכטיקע, לויבט גאָט.
21 געלויבט איז פון ציון גאָט,
וואָס רוט אין ירושלַיִם.
הַללויָה.

# קלו

1 גיט אַ דאַנק צו גאָט, וואָרום ער איז גוט,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.
2 גיט אַ דאַנק צו גאָט פון די געטער,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.
3 גיט אַ דאַנק צום האַר פון די האַרן,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.
4 צו דעם וואָס טוט אַליין גרויסע וווּנדער,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.
5 צו דעם וואָס האָט געמאַכט די הימלען מיט פאַר־
שטאַנדיקייט,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.
6 צו דעם וואָס האָט אויסגעשפּרייט די ערד איבער די
וואַסערן,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.
7 צו דעם וואָס האָט געמאַכט די גרויסע ליכטער,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד;
8 די זון פאַר געוועלטיקונג ביי טאָג,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד;
9 די לבנה און שטערן פאַר געוועלטיקונגען ביי נאַכט,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.

10 צו דעם וואָס האָט געשלאָגן מִצרַיִם אין זייערע בכורים,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד;
11 און אַרויסגעצויגן ישׂראל פון צווישן זיי,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד;
12 מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אַן אויסגע־
שטרעקטן אָרעם,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.
13 צו דעם וואָס האָט צעשניטן דעם ים־סוף אין
שטיקער,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד;
14 און דורכגעפירט ישׂראל אין מיטן,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.
15 און אַריינגעטרייסלט פּרעהן און זיין חיל אין
ים־סוף,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.

16 צו דעם וואָס האָט געפירט זיין פאָלק אין דער מדבר,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.
17 צו דעם וואָס האָט געשלאָגן גרויסע מלכים,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד;
18 און געהרגעט שטאַרקע מלכים,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד;
19 סיחון דער מלך פון אֱמוֹרי,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד;
20 און עוג דעם מלך פון בָּשָׁן,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד;
21 און געגעבן זייער לאַנד פאַר אַ נחלה,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד;
22 אַ נחלה פאַר ישׂראל זיין קנעכט,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.

23 [צו דעם] וואָס האָט אין אונדזער דערנידערונג געדאַכט
אָן אונדז,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד;

24 און אונדז אויסגעלייזט פון אונדזערע דריקער,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.
25 וואָס גיט ברויט צו יעטוועדער באַשעפעניש,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.

26 גיט אַ דאַנק צום גאָט פון די הימלען,
וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד.

## קלז

1 ביי די טייכן פון בָּבֶל,
דאָרטן זיינען מיר געזעסן און געוויינט,
אַז מיר האָבן זיך דערמאָנט אָן צִיוֹן.
2 אויף די ווערבעס וואָס אין איר
האָבן מיר אויפגעהאַנגען אונדזערע האַרפן;
3 וואָרום דאָרטן האָבן אונדזערע פאַנגער
פאַרלאַנגט פון אונדז ווערטער פון געזאַנג,
און אונדזערע פייניקער, פריילעכקייט:
זינגט אונדז פון דעם געזאַנג פון צִיוֹן.
4 ווי זאָלן מיר זינגען דאָס געזאַנג פון גאָט
אויף פרעמדער ערד?

5 אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושָׁלַיִם,
זאָל מיין רעכטע האַנט זיך פאַרגעסן [צו רירן].
6 זאָל צוגעקלעפּט ווערן מיין צונג צו מיין גומען,
אויב איך וועל דיך ניט געדענקען,
אויב איך וועל ניט דערמאָנען ירושָׁלַיִם
אויף מיין העכסטער שׂמחה.

7 געדענק, גאָט, די קינדער פון אֱדוֹם
דעם טאָג פון ירושָׁלַיִם;
די וואָס האָבן געזאָגט: וואַרפט איין,
וואַרפט איין ביז צום גרונט אין איר.
8 טאָכטער בָּבֶל, דו אָנגעברייטע צו פאַרוויסטונג,
וואויל צו דעם וואָס וועט דיר אָפּצאָלן
דיין טואונג וואָס דו האָסט אונדז געטאָן;
9 וואויל צו דעם וואָס וועט אָננעמען און צעהאַקן
דיינע קליינע קינדער אָן פעלז.

## קלח

1 פון דודן.
איך וועל דיך לויבן מיט מיין גאַנצן האַרצן,
פאַר די מאַכטיקע וועל איך דיך באַזינגען.
2 איך וועל זיך בוקן צו דיין הייליקן טעמפּל,
און איך וועל לויבן דיין נאָמען,
פאַר דיין חסד און פאַר דיין טרייִשאַפט;
וואָרום איבער אַל דיין נאָמען
האָסטו געגרייסט דיין צוזאָג.
3 אין טאָג וואָס איך האָב גערופן האָסטו מיר געענט־
פערט,
האָסט מיר געמוטיקט מיט שטאַרקייט מיין זעל.
4 לויבן וועלן דיך, גאָט, אַלע מלכים פון דער ערד,
וואָרום זיי האָבן געהערט די ווערטער פון דיין מויל.
5 און זיי וועלן זינגען פון די וועגן פון גאָט,
וואָרום גרויס איז דער כּבוד פון גאָט.
6 וואָרום גאָט איז דערהויבן,
אָבער ער זעט דעם נידעריקן,
און ווי הויך ער איז,
ווייס ער פון דער ווייטן.
7 אַז איך גיי אין דער מיט פון נויט,
לעבסטו מיך אויף;
צו להכעיס מיינע פיינט שטרעקסטו אויס דיין האַנט,
און דיין רעכטע האַנט העלפט מיך.
8 גאָט פירט אויס פאַר מיר;
גאָט, דיין חסד איז אויף אייביק;
די ווערק פון דיינע הענט זאָלסטו ניט פאַרלאָזן.

## קלט

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; פון דודן אַ מִזמור.
גאָט, דו האָסט מיך אויסגעפאָרשט, און קענסט מיך.
2 דו ווייסט מיין זיצן און מיין אויפשטיין,
פאַרשטייסט מיין טראַכטונג פון דער ווייטן.
3 מיין גיין און מיין ליגן זיפּסטו דורך,
און אין אַלע מיינע וועגן ביסטו באַהאַוונט.
4 וואָרום דאָס וואָרט איז נאָך צומאָל ניט אויף מיין צונג,

כד וַיִּפְרְקֵנוּ מִצָּרֵינוּ כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃
כה נֹתֵן לֶחֶם לְכָל־בָּשָׂר כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃
כו הוֹדוּ לְאֵל הַשָּׁמָיִם כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃

קלז

א עַל־נַהֲרוֹת ׀ בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ גַּם־בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת־צִיּוֹן׃
ב ג עַל־עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ כִּנֹּרוֹתֵינוּ׃ כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ
שׁוֹבֵינוּ דִּבְרֵי־שִׁיר וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן׃
ד ה אֵיךְ נָשִׁיר אֶת־שִׁיר יְהוָה עַל אַדְמַת נֵכָר׃ אִם־אֶשְׁכָּחֵךְ
ו יְרוּשָׁלִָם תִּשְׁכַּח יְמִינִי׃ תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי ׀ לְחִכִּי אִם־לֹא
אֶזְכְּרֵכִי אִם־לֹא אַעֲלֶה אֶת־יְרוּשָׁלִַם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי׃
ז זְכֹר יְהוָה ׀ לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם יְרוּשָׁלִָם הָאֹמְרִים עָרוּ ׀
ח עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ׃ בַּת־בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה אַשְׁרֵי שֶׁיְשַׁלֶּם־
ט לָךְ אֶת־גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ׃ אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת־
עֹלָלַיִךְ אֶל־הַסָּלַע׃

קלח

א ב לְדָוִד ׀ אוֹדְךָ בְכָל־לִבִּי נֶגֶד אֱלֹהִים אֲזַמְּרֶךָּ׃ אֶשְׁתַּחֲוֶה
אֶל־הֵיכַל קָדְשְׁךָ וְאוֹדֶה אֶת־שְׁמֶךָ עַל־חַסְדְּךָ וְעַל־אֲמִתֶּךָ
ג כִּי־הִגְדַּלְתָּ עַל־כָּל־שִׁמְךָ אִמְרָתֶךָ׃ בְּיוֹם קָרָאתִי וַתַּעֲנֵנִי
ד תַּרְהִבֵנִי בְנַפְשִׁי עֹז׃ יוֹדוּךָ יְהוָה כָּל־מַלְכֵי־אָרֶץ כִּי שָׁמְעוּ
ה אִמְרֵי־פִיךָ׃ וְיָשִׁירוּ בְּדַרְכֵי יְהוָה כִּי־גָדוֹל כְּבוֹד יְהוָה׃
ו ז כִּי־רָם יְהוָה וְשָׁפָל יִרְאֶה וְגָבֹהַּ מִמֶּרְחָק יְיֵדָע׃ אִם־אֵלֵךְ
בְּקֶרֶב צָרָה תְּחַיֵּנִי עַל אַף אֹיְבַי תִּשְׁלַח יָדֶךָ וְתוֹשִׁיעֵנִי
ח יְמִינֶךָ׃ יְהוָה יִגְמֹר בַּעֲדִי יְהוָה חַסְדְּךָ לְעוֹלָם מַעֲשֵׂי
יָדֶיךָ אַל־תֶּרֶף׃

קלט

א ב לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד מִזְמוֹר יְהוָה חֲקַרְתַּנִי וַתֵּדָע׃ אַתָּה יָדַעְתָּ
ג שִׁבְתִּי וְקוּמִי בַּנְתָּה לְרֵעִי מֵרָחוֹק׃ אָרְחִי וְרִבְעִי זֵרִיתָ
ד וְכָל־דְּרָכַי הִסְכַּנְתָּה׃ כִּי אֵין מִלָּה בִּלְשׁוֹנִי הֵן יְהוָה

קלז, ה׳ קמץ מכרע קלח, ב׳ במקף וחולם קלט, ג׳ פתח בס״ף

יָדַעְתָּ כֻלָּהּ׃ אָחוֹר וָקֶדֶם צַרְתָּנִי וַתָּשֶׁת עָלַי כַּפֶּכָה׃ ה
פְּלִאיָה דַעַת מִמֶּנִּי נִשְׂגְּבָה לֹא־אוּכַל לָהּ׃ אָנָה אֵלֵךְ ו ז
מֵרוּחֶךָ וְאָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח׃ אִם־אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה ח
וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל הִנֶּךָּ׃ אֶשָּׂא כַנְפֵי־שָׁחַר אֶשְׁכְּנָה בְּאַחֲרִית ט
יָם׃ גַּם־שָׁם יָדְךָ תַנְחֵנִי וְתֹאחֲזֵנִי יְמִינֶךָ׃ וָאֹמַר אַךְ־חֹשֶׁךְ י יא
יְשׁוּפֵנִי וְלַיְלָה אוֹר בַּעֲדֵנִי׃ גַּם־חֹשֶׁךְ לֹא־יַחְשִׁיךְ מִמֶּךָ יב
וְלַיְלָה כַּיּוֹם יָאִיר כַּחֲשֵׁיכָה כָּאוֹרָה׃ כִּי־אַתָּה קָנִיתָ יג
כִלְיֹתָי תְּסֻכֵּנִי בְּבֶטֶן אִמִּי׃ אוֹדְךָ עַל כִּי נוֹרָאוֹת נִפְלֵיתִי יד
נִפְלָאִים מַעֲשֶׂיךָ וְנַפְשִׁי יֹדַעַת מְאֹד׃ לֹא־נִכְחַד עָצְמִי טו
מִמֶּךָּ אֲשֶׁר־עֻשֵּׂיתִי בַסֵּתֶר רֻקַּמְתִּי בְּתַחְתִּיּוֹת אָרֶץ׃ גָּלְמִי טז
רָאוּ עֵינֶיךָ וְעַל־סִפְרְךָ כֻּלָּם יִכָּתֵבוּ יָמִים יֻצָּרוּ וְלֹא אֶחָד
בָּהֶם׃ וְלִי מַה־יָּקְרוּ רֵעֶיךָ אֵל מֶה עָצְמוּ רָאשֵׁיהֶם׃ יז
אֶסְפְּרֵם מֵחוֹל יִרְבּוּן הֱקִיצֹתִי וְעוֹדִי עִמָּךְ׃ אִם־תִּקְטֹל יח יט
אֱלוֹהַּ ׀ רָשָׁע וְאַנְשֵׁי דָמִים סוּרוּ מֶנִּי׃ אֲשֶׁר יֹמְרוּךָ לִמְזִמָּה כ
נָשֻׂא לַשָּׁוְא עָרֶיךָ׃ הֲלוֹא־מְשַׂנְאֶיךָ יְהוָה ׀ אֶשְׂנָא וּבִתְקוֹמְמֶיךָ כא
אֶתְקוֹטָט׃ תַּכְלִית שִׂנְאָה שְׂנֵאתִים לְאוֹיְבִים הָיוּ לִי׃ כב
חָקְרֵנִי אֵל וְדַע לְבָבִי בְּחָנֵנִי וְדַע שַׂרְעַפָּי׃ וּרְאֵה אִם־ כג כד
דֶּרֶךְ־עֹצֶב בִּי וּנְחֵנִי בְּדֶרֶךְ עוֹלָם׃

קמ

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ חַלְּצֵנִי יְהוָה מֵאָדָם רָע מֵאִישׁ א ב
חֲמָסִים תִּנְצְרֵנִי׃ אֲשֶׁר חָשְׁבוּ רָעוֹת בְּלֵב כָּל־יוֹם יָגוּרוּ ג
מִלְחָמוֹת׃ שָׁנְנוּ לְשׁוֹנָם כְּמוֹ־נָחָשׁ חֲמַת עַכְשׁוּב תַּחַת ד
שְׂפָתֵימוֹ סֶלָה׃ שָׁמְרֵנִי יְהוָה ׀ מִידֵי רָשָׁע מֵאִישׁ חֲמָסִים ה
תִּנְצְרֵנִי אֲשֶׁר חָשְׁבוּ לִדְחוֹת פְּעָמָי׃ טָמְנוּ גֵאִים ׀ פַּח לִי ו
וַחֲבָלִים פָּרְשׂוּ רֶשֶׁת לְיַד־מַעְגָּל מֹקְשִׁים שָׁתוּ־לִי סֶלָה׃
אָמַרְתִּי לַיהוָה אֵלִי אָתָּה הַאֲזִינָה יְהוָה קוֹל תַּחֲנוּנָי׃ ז
יֱהוִה אֲדֹנָי עֹז יְשׁוּעָתִי סַכֹּתָה לְרֹאשִׁי בְּיוֹם נָשֶׁק׃ אַל־ ח ט

קלט, ו׳ פלאיה קרי   ז׳ מלרע   טז׳ ולו קרי   כ׳ חסר א׳

ווייסטו עס דאָך, גאָט, שוין אין גאַנצן.
5 הינטן און פאָרנט האָסטו מיך באַלעגערט,
און אַרויפגעטאָן אויף מיר דיין האַנט.
6 צו ווונדערלעך איז דאָס פאַר מיר צו פאַרשטיין,
צו הויך, איך קען עס ניט באַנעמען.
7 וווהין זאָל איך אַוועקגיין פון דיין גייסט?
און וווהין זאָל איך פון דיין פנים אַנטלויפן?
8 זאָל איך אַרויפגיין אין הימל, ביסטו דאָרטן,
און זאָל איך מיר אויסבעטן אין אונטערערד, ערשט
ביסט דאָ.
9 זאָל איך נעמען די פליגלען פון באַגינען,
זאָל איך רוען אין עק פון ים,
10 וועט אויך דאָרטן מיך פירן דיין האַנט,
און מיך וועט האַלטן דיין רעכטע.
11 און זאָל איך זאָגן: לויטער פינצטערניש זאָל מיך
באַדעקן,
און נאַכט זאָל דאָס ליכט פאַר מיר ווערן,
12 איז אויך פינצטערניש ניט פינצטער פאַר דיר,
און נאַכט טוט אַזוי ווי דער טאָג לייכטן;
אַזוי פינצטערקייט אַזוי ליכטיקייט.

13 וואָרום דו האָסט געשאַפן מיינע נירן,
האָסט מיך געוועבט אין לייב פון מיין מוטער.
14 איך לויב דיך, וואָרום מוראדיק ווונדערלעך בין איך
געמאַכט;
ווונדערלעך זיינען דיינע ווערק,
און מיין זעל ווייס דאָס וווּל.
15 ניט פאַרהוילן איז געווען מיין געביין פאַר דיר,
ווען איך בין געמאַכט געוואָרן אין פאַרבאָרגעניש,
געשטריקט געוואָרן אין טיפענישן פון דער ערד.
16 מיין אומגעפורעמט לייב האָבן געזען דיינע אויגן;
יאָ, אין דיין בוך ווערן זיי אַלע אָנגעשריבן,
די טעג ווען מע זאָל באַשאַפן ווערן,
און איינער צווישן זיי איז געווען פאַר אים[א].
17 און ווי האַרב פאַר מיר זיינען דיינע טראַכטונגען, גאָט,
ווי געוואַלטיק איז זייער מספר!

18 זאָל איך זיי ציילן, זיינען זיי מער פון זאַמד,
זאָל איך דערגיין צום סוף, דאַרף מיין דויער זיין ווי
דיינער.

19 ווען דו, גאָט, וואָלסט טייטן דעם רשע!
און איר בלוטיקע לייט, טוט זיך אָפּ פון מיר!
20 די וואָס רעדן דיך אַרויס מיט אַ בייזער כּוונה,
דיינע פיינט וואָס דערמאָנען [דיך] צום פאַלשן.
21 פאַרוואָר, דיינע פיינט, גאָט, האָב איך פיינט,
און מיט דיינע קעגנשטייער טו איך קריגן.
22 פיינט ביז גאָר האָב איך זיי פיינט,
שׂונאים זיינען זיי ביי מיר.
23 פאָרש מיך, גאָט, און דערקען מיין האַרץ,
פּרווו מיך, און ווייס מיינע געדאַנקען;
24 און זע אויב אין מיר איז דאָ אַ פאַרדראָסיקער וועג,
און פיר מיך אין דעם אייביקן וועג.

## קמ

1 פאַר דעם געזאַנגמייסטער; אַ מִזמור פון דודן.

2 דערלייז מיך יהוה פון דעם שלעכטן מענטשן,
פון דעם רויבמענטשן זאָלסטו מיך באַהיטן;
3 די וואָס טראַכטן בייז אין האַרצן,
אַלע טאָג העצן זיי מלחמות.
4 זיי שאַרפן זייער צונג ווי אַ שלאַנג,
גיפט פון אַן אָטערשלאַנג איז אונטער זייערע ליפּן.
סֶלָה.
5 היט מיך, גאָט, פון די הענט פון דעם רשע,
פון דעם רויבמענטשן זאָלסטו מיך באַהיטן;
די וואָס טראַכטן אומצושטויסן מיינע טריט.
6 די האָפערדיקע האָבן מיר אַ פּאַסטקע אונטערגעלייגט,
און שטריק,
זיי האָבן אויסגעשפּרייט אַ נעץ לעבן שטעג,
שטרויכלונגען האָבן זיי מיר געשטעלט. סֶלָה.

7 איך זאָג צו יהוה: מיין גאָט ביסט דו;
פאַרנעם, יהוה, דעם קָול פון מיינע געבעטן.
8 גאָט דו האַר, די שטאַרקייט פון מיין הילף,
האָסט באַשירעמט מיין קאָפּ אין טאָג פון באַוואָפענונג;

[א] ד. ה. פאַר מיין אומגעפורעמטן לייב.

י תִּתֵּן יְהוָה מַאֲוַיֵּי רָשָׁע זְמָמוֹ אַל־תָּפֵק יָרוּמוּ סֶלָה׃ רֹאשׁ
יא מְסִבָּי עֲמַל שְׂפָתֵימוֹ יְכַסֵּמוֹ׃ יִמּוֹטוּ עֲלֵיהֶם גֶּחָלִים
יב בָּאֵשׁ יַפִּלֵם בְּמַהֲמֹרוֹת בַּל־יָקוּמוּ׃ אִישׁ לָשׁוֹן בַּל־יִכּוֹן
יג בָּאָרֶץ אִישׁ־חָמָס רָע יְצוּדֶנּוּ לְמַדְחֵפֹת׃ יָדַעְתָּ כִּי־יַעֲשֶׂה
יד יְהוָה דִּין עָנִי מִשְׁפַּט אֶבְיֹנִים׃ אַךְ צַדִּיקִים יוֹדוּ לִשְׁמֶךָ
יֵשְׁבוּ יְשָׁרִים אֶת־פָּנֶיךָ׃

קמא

א מִזְמוֹר לְדָוִד יְהוָה קְרָאתִיךָ חוּשָׁה לִּי הַאֲזִינָה קוֹלִי
ב בְּקָרְאִי־לָךְ׃ תִּכּוֹן תְּפִלָּתִי קְטֹרֶת לְפָנֶיךָ מַשְׂאַת כַּפַּי
ג מִנְחַת־עָרֶב׃ שִׁיתָה יְהוָה שָׁמְרָה לְפִי נִצְּרָה עַל־דַּל
ד שְׂפָתָי׃ אַל־תַּט לִבִּי לְדָבָר רָע לְהִתְעוֹלֵל עֲלִלוֹת בְּרֶשַׁע
ה אֶת־אִישִׁים פֹּעֲלֵי־אָוֶן וּבַל־אֶלְחַם בְּמַנְעַמֵּיהֶם׃ יֶהֶלְמֵנִי
צַדִּיק חֶסֶד וְיוֹכִיחֵנִי שֶׁמֶן רֹאשׁ אַל־יָנִי רֹאשִׁי כִּי־עוֹד
ו וּתְפִלָּתִי בְּרָעוֹתֵיהֶם׃ נִשְׁמְטוּ בִידֵי־סֶלַע שֹׁפְטֵיהֶם וְשָׁמְעוּ
ז אֲמָרַי כִּי נָעֵמוּ׃ כְּמוֹ פֹלֵחַ וּבֹקֵעַ בָּאָרֶץ נִפְזְרוּ עֲצָמֵינוּ
ח לְפִי שְׁאוֹל׃ כִּי אֵלֶיךָ יְהוִה אֲדֹנָי עֵינָי בְּכָה חָסִיתִי אַל־
ט תְּעַר נַפְשִׁי׃ שָׁמְרֵנִי מִידֵי פַח יָקְשׁוּ לִי וּמֹקְשׁוֹת פֹּעֲלֵי
י אָוֶן׃ יִפְּלוּ בְמַכְמֹרָיו רְשָׁעִים יַחַד אָנֹכִי עַד־אֶעֱבוֹר׃

קמב

א ב מַשְׂכִּיל לְדָוִד בִּהְיוֹתוֹ בַמְּעָרָה תְפִלָּה׃ קוֹלִי אֶל־יְהוָה
ג אֶזְעָק קוֹלִי אֶל־יְהוָה אֶתְחַנָּן׃ אֶשְׁפֹּךְ לְפָנָיו שִׂיחִי צָרָתִי
ד לְפָנָיו אַגִּיד׃ בְּהִתְעַטֵּף עָלַי רוּחִי וְאַתָּה יָדַעְתָּ נְתִיבָתִי
ה בְּאֹרַח־זוּ אֲהַלֵּךְ טָמְנוּ פַח לִי׃ הַבֵּיט יָמִין וּרְאֵה וְאֵין־
ו לִי מַכִּיר אָבַד מָנוֹס מִמֶּנִּי אֵין דּוֹרֵשׁ לְנַפְשִׁי׃ זָעַקְתִּי
אֵלֶיךָ יְהוָה אָמַרְתִּי אַתָּה מַחְסִי חֶלְקִי בְּאֶרֶץ הַחַיִּים׃
ז הַקְשִׁיבָה אֶל־רִנָּתִי כִּי־דַלּוֹתִי מְאֹד הַצִּילֵנִי מֵרֹדְפַי כִּי

קמ, י׳ פתח באתנח   יכסמו קרי   יא׳ ימוטו קרי   יג׳ ידעתי קרי

9 וואָלסט ניט געבן, גאָט, די באַגערן פון דעם רשע,
זיין כּוונה זאָלסטו ניט לאָזן אויספירן,
אַז זיי זאָלן זיך דערהייבן. סֶלָה.
10 דאָס גיפט פון מיינע אַרומרינגלער,
דאָס אומגליק פון זייערע ליפּן זאָל זיי אַליין צודעקן.
11 זאָלן פאַלן אויף זיי קוילן,
אין פייער זאָל ער זיי וואַרפן,
אין גריבער, אַז זיי זאָלן ניט אויפשטיין.
12 דער צונגמענטש זאָל ניט באַשטיין אויף דער ערד,
דעם בייזן רויבמענטשן, אים זאָל ער יאָגן צו פאַר־
שטויסונג.
13 איך ווייס אַז גאָט וועט טאָן דאָס רעכט פון דעם
אָרימאַן,
די גערעכטיקייט פון די באַדערפטיקע.
14 פאָרוואָר, די צדיקים וועלן דאַנקען דיין נאָמען,
די רעכטפאַרטיקע וועלן זיצן פאַר דיין פּנים.

## קמא

1 אַ מִזמור פון דודן.
גאָט, איך רוף דיך, איַיל צו מיר,
פאַרנעם מיין קול, אַז איך רוף צו דיר.
2 זאָל באַשטיין מיין תּפילה ווי ווייַרויך פאַר דיר,
די אויפהייבונג פון מיינע הענט ווי דער קרבן פון אָוונט.
3 מאַך, גאָט, אַ היטונג אויף מיין מויל,
גיב אַכט אויף דער טיר פון מיינע ליפּן.
4 זאָלסט ניט נייגן מיין האַרץ צו אַ בייזער זאַך,
צו טאָן טואונגען אין שלעכטיקייט
מיט לייט וואָס ווערקן אומרעכט;
און לאָמיך ניט עסן פון זייערע זיסע שפּייזן—
5 זאָל מיך שלאָגן דער צדיק אויס גינציקייט, און מיך
שטראָפן;
מיין קאָפּ וועט ניט אָפּשטויסן דאָס טייערע איַיל—
וואָרום תּמיד איז מיין תּפילה אַקעגן זייערע בייזן.
6 זאָלן געשליידערט ווערן אָן אַ פעלז זייערע ריכטער;
און מע זאָל הערן מיינע ווערטער אַז זיי זיינען ליבלעך.
7 אַזוי ווי ווען מע שפּאַלט און ברעכט אויף די ערד,
זיינען צעשאָטן אונדזערע ביינער ביים מויל פון
אונטערערד.

8 וואָרום אויף דיר, גאָט דו האַר, זיינען מיינע אויגן;
אין דיר שיץ איך מיך, זאָלסט ניט אויסגיסן מיין זעל.
9 היט מיך פון דער פאַסטקע וואָס זיי האָבן מיר
געשטעלט,
און פון די שטרויכלונגען פון די אומרעכטטוער.
10 זאָלן אַריינפאַלן אין זייערע נעצן די רשעים,
בעת איך אַליין וועל אַריבערגיין.

## קמב

1 אַ באַטראַכטונג פון דודן, ווען ער איז געווען
אין דער הייל[a]; אַ תּפילה.
2 מיט מיין קול שריי איך צו גאָט,
מיט מיין קול בעט איך צו גאָט.

3 איך גיס אויס פאַר אים מיין קלאָג,
מיין נויט דערציייל איך פאַר אים.
4 ווען מיין געמיט פאַרגייט אין מיר,
דו ווייסט דאָך מיין שטעג—
אויף דעם וועג וואָס איך גיי,
האָבן זיי מיר אַ פאַסטקע באַהאַלטן.
5 קוק רעכטס, און זע,
אַז איך האָב ניט קיין באַקענטן;
פאַרלאָרן איז אַנטרינונג פון מיר,
קיינער פרעגט ניט אויף מיין זעל.

6 איך שריי צו דיר, גאָט,
איך זאָג: ביסט מיין באַשיצונג,
מיין טייל אין דעם לאַנד פון די לעבעדיקע.
7 פאַרנעם מיין געשריי,
וואָרום איך בין געפאַלן זייער;
זיי מיך מציל פון מיינע נאָכיאָגער,

[a] זע שמואל א׳ כב, 1.

ח אֱמְצוּ מִמֶּנִּי׃ הוֹצִיאָה מִמַּסְגֵּר ׀ נַפְשִׁי לְהוֹדוֹת אֶת־שְׁמֶךָ
בִּי יַכְתִּרוּ צַדִּיקִים כִּי תִגְמֹל עָלָי׃

קמג

א מִזְמוֹר לְדָוִד יְהוָה ׀ שְׁמַע תְּפִלָּתִי הַאֲזִינָה אֶל־תַּחֲנוּנַי
ב בֶּאֱמֻנָתְךָ עֲנֵנִי בְּצִדְקָתֶךָ׃ וְאַל־תָּבוֹא בְמִשְׁפָּט אֶת־
ג עַבְדֶּךָ כִּי לֹא־יִצְדַּק לְפָנֶיךָ כָל־חָי׃ כִּי רָדַף אוֹיֵב ׀ נַפְשִׁי
דִּכָּא לָאָרֶץ חַיָּתִי הוֹשִׁיבַנִי בְמַחֲשַׁכִּים כְּמֵתֵי עוֹלָם׃
ד ה וַתִּתְעַטֵּף עָלַי רוּחִי בְּתוֹכִי יִשְׁתּוֹמֵם לִבִּי׃ זָכַרְתִּי יָמִים ׀
ו מִקֶּדֶם הָגִיתִי בְכָל־פָּעֳלֶךָ בְּמַעֲשֵׂה יָדֶיךָ אֲשׂוֹחֵחַ׃ פֵּרַשְׂתִּי
ז יָדַי אֵלֶיךָ נַפְשִׁי ׀ כְּאֶרֶץ־עֲיֵפָה לְךָ סֶלָה׃ מַהֵר עֲנֵנִי ׀ יְהוָה
כָּלְתָה רוּחִי אַל־תַּסְתֵּר פָּנֶיךָ מִמֶּנִּי וְנִמְשַׁלְתִּי עִם־יֹרְדֵי
ח בוֹר׃ הַשְׁמִיעֵנִי בַבֹּקֶר ׀ חַסְדֶּךָ כִּי־בְךָ בָטָחְתִּי הוֹדִיעֵנִי
ט דֶּרֶךְ־זוּ אֵלֵךְ כִּי־אֵלֶיךָ נָשָׂאתִי נַפְשִׁי׃ הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי ׀
י יְהוָה אֵלֶיךָ כִסִּתִי׃ לַמְּדֵנִי ׀ לַעֲשׂוֹת רְצוֹנֶךָ כִּי־אַתָּה אֱלוֹהָי
יא רוּחֲךָ טוֹבָה תַּנְחֵנִי בְּאֶרֶץ מִישׁוֹר׃ לְמַעַן־שִׁמְךָ יְהוָה
יב תְּחַיֵּנִי בְּצִדְקָתְךָ ׀ תוֹצִיא מִצָּרָה נַפְשִׁי׃ וּבְחַסְדְּךָ תַּצְמִית
אֹיְבָי וְהַאֲבַדְתָּ כָּל־צֹרְרֵי נַפְשִׁי כִּי אֲנִי עַבְדֶּךָ׃

קמד

א לְדָוִד ׀ בָּרוּךְ יְהוָה ׀ צוּרִי הַמְלַמֵּד יָדַי לַקְרָב אֶצְבְּעוֹתַי
ב לַמִּלְחָמָה׃ חַסְדִּי וּמְצוּדָתִי מִשְׂגַּבִּי וּמְפַלְטִי־לִי מָגִנִּי וּבוֹ
ג חָסִיתִי הָרוֹדֵד עַמִּי תַחְתָּי׃ יְהוָה מָה־אָדָם וַתֵּדָעֵהוּ בֶּן־
ד אֱנוֹשׁ וַתְּחַשְּׁבֵהוּ׃ אָדָם לַהֶבֶל דָּמָה יָמָיו כְּצֵל עוֹבֵר׃
ה ו יְהוָה הַט־שָׁמֶיךָ וְתֵרֵד גַּע בֶּהָרִים וְיֶעֱשָׁנוּ׃ בְּרוֹק בָּרָק
ז וּתְפִיצֵם שְׁלַח חִצֶּיךָ וּתְהֻמֵּם׃ שְׁלַח יָדֶיךָ מִמָּרוֹם פְּצֵנִי
ח וְהַצִּילֵנִי מִמַּיִם רַבִּים מִיַּד בְּנֵי נֵכָר׃ אֲשֶׁר פִּיהֶם דִּבֶּר־
ט שָׁוְא וִימִינָם יְמִין שָׁקֶר׃ אֱלֹהִים שִׁיר חָדָשׁ אָשִׁירָה לָּךְ
י בְּנֵבֶל עָשׂוֹר אֲזַמְּרָה־לָּךְ׃ הַנּוֹתֵן תְּשׁוּעָה לַמְּלָכִים הַפּוֹצֶה

קמג, י׳ מלא ו    קמד, ב׳ סבירין עמים

וואָרום זיי זיינען שטאַרקער פון מיר.
8 ציִ אַרויס פון פעסטונג מיין זעל,
צו לויבן דיין נאָמען;
דורך מיר וועלן די צדיקים זיך קריינען,
אַז דו וועסט מיר גוטס טאָן.

## קמג

1 אַ מזמור פון דודן.
גאָט, הער מיין תפילה, פאַרנעם מיינע געבעטן,
אין דיין טריישאַפט ענטפער מיר, אין דיין גערעכטיקייט.
2 און זאָלסט ניט גיין אין משפט מיט דיין קנעכט,
וואָרום קיין לעבעדיקער קען ניט גערעכט זיין פאַר דיר.

3 וואָרום דער פיינט האָט גערודפט מיין זעל,
ער האָט צוגעדריקט צו דער ערד מיין לעבן,
ער האָט מיך אַריינגעזעצט אין פינצטערנישן,
ווי געשטאָרבענע פון לאַנג אָן.
4 און מיין געמיט פאַרגייט אין מיר,
מיין האַרץ ווערט באַנומען אין מיר.

5 איך האָב זיך דערמאָנט די טעג פון אַמאָל,
איך האָב געטראַכט אָן אַל דיין טואונג;
אָן דעם ווערק פון דיינע הענט טו איך קלערן.
6 איך האָב אויסגעשפּרייט מיינע הענט צו דיר,
מיין זעל ווי אַ פאַרשמאַכט לאַנד צו דיר. סֶלָה.

7 ענטפער מיר גיך, גאָט,
מיין געמיט גייט אויס;
זאָלסט ניט פאַרבאָרגן דיין פּנים פון מיר,
אַזיסט וועל איך געגליכן זיין צו די גענידערטע אין גרוב.
8 לאָז מיך הערן אין פרימאָרגן דיין חסד,
וואָרום אויף דיר האָב איך מיך פאַרזיכערט.
לאָז מיך וויסן דעם וועג וואָס איך זאָל גיין,
וואָרום צו דיר האָב איך אויפגעהויבן מיין זעל.

9 זיי מיך מציל, גאָט, פון מיינע פיינט;
ביי דיר האָב איך מיך פאַרבאָרגן.
10 לערן מיך צו טאָן דיין רצון,
וואָרום דו ביסט מיין גאָט;
דיין גוטער גייסט זאָל מיך פירן
אויף אַ גלייכן לאַנד.
11 פון דיין נאָמען וועגן, גאָט, זאָלסטו מיך אויפלעבן,
אין דיין גערעכטיקייט זאָלסטו אַרויסציען פון נויט מיין זעל.
12 און אין דיין חסד זאָלסטו פאַרשניידן מיינע פיינט,
און אונטערברענגען אַלע וואָס דריקן מיין זעל,
וואָרום איך בין דיין קנעכט.

## קמד

1 פון דודן.
געלויבט איז גאָט מיין פעלז,
וואָס לערנט מיינע הענט צו קריג,
מיינע פינגער צו מלחמה.
2 מיין גענאָד און מיין פעסטונג,
מיין טורעם און דער וואָס מאַכט מיך אַנטרינען;
מיין שילד און דער וואָס איך שיץ מיך אין אים,
דער וואָס אונטערטעניקט מיין פאָלק אונטער מיר.

3 גאָט, וואָס איז דער מענטש, אַז דו זאָלסט זיך קימערן אום אים?
און אַ מענטשנקינד, אַז דו זאָלסט אַכטן אויף אים?
4 אַ מענטש איז געגליכן צו אַ הויך,
זיינע טעג זיינען ווי אַ שאָטן וואָס פאַרגייט.
5 גאָט, נייג דיינע הימלען און זאָלסט אַראָפּנידערן,
ריר אָן די בערג, און זיי זאָלן רייכערן.
6 בליץ אַרויס אַ בליץ, און זאָלסט זיי צעשפּרייטן,
שיק דיינע פיילן, און פאַרטומל זיי.
7 שטרעק אויס דיינע הענט פון דער הייך,
רייס מיך אַרויס און זיי מיך מציל פון וואַסערן גרויסע,
פון דער האַנט פון פרעמדגעבאָרענע,
8 וואָס זייער מויל רעדט פאַלשקייט,
און זייער רעכטע האַנט איז אַ רעכטע האַנט פון ליגן.

9 גאָט, אַ ניי געזאַנג וועל איך דיר זינגען,
אויף אַ גיטאַר פון צען סטרונעס וועל איך שפּילן צו דיר,
10 וואָס גיסט הילף צו די מלכים,

וואָס רייסט אַרויס דוד זיין קנעכט פון דער בייזער
שווערד.
11 רייס מיך אַרויס און זיי מיך מציל פון דער האַנט פון
פרעמדגעבאָרענע,
וואָס זייער מויל רעדט פאַלשקייט,
און זייער רעכטע האַנט איז אַ רעכטע האַנט פון ליגן.

12 וואָס אונדזערע זין זיינען
ווי אויפגעוואַקסענע פלאַנצן אין זייער יוגנט;
אונדזערע טעכטער ווי ווינקלזיילן
געשניצט לויט דעם בוי פון אַ טעמפל;
13 אונדזערע שפּייכלערס פול,
אַרויסגעבנדיק אַלערליי מינים;
אונדזערע שאָף אין טויזנטן,
אין צענטויזנטן, אויף אונדזערע פעלדער;
14 אונדזערע אָקסן באַלאָדן;
קיין בראָך, און קיין מינערונג,
און קיין ווייגעשריי אין אונדזערע גאַסן—
15 וויל צו דעם פאָלק וואָס ביי אים איז אַזוי,
וויל צו דעם פאָלק וואָס יהוה איז זיין גאָט.

# קמה

1 אַ לויבונג פון דודן.
א איך וועל דיך דערהייבן, מיין גאָט דער קיניג,
און בענטשן דיין נאָמען אייביק און שטענדיק.
ב 2 אַלע טאָג וועל איך דיך בענטשן,
און רימען דיין נאָמען אייביק און שטענדיק.
ג 3 גרויס איז גאָט און זייער גערימט,
און זיין גרויסקייט איז ניט צו דערפאָרשן.
ד 4 אַ דור צו אַ דור וועט לויבן דיינע מעשׂים,
און דיינע גבורות וועלן זיי אָנזאָגן.
ה 5 די פּראַכטיקע שיינקייט פון דיין גלאַנץ,
און די מעשׂות פון דיינע וואונדער וועל איך דערציילן.
ו 6 און פון דער שטאַרקייט פון דיינע פאָרכטיקע אויפ־
טועכן וועט מען רעדן,
און דיין גרויסקייט, זי וועל איך פאַרציילן.
ז 7 די דערמאָנונג פון דיין גרויס גוטסקייט וועט מען
אַרויסזאָגן,
און דיין גערעכטיקייט וועט מען באַזינגען.
ח 8 לייטזעליק און דערבאַרימדיק איז גאָט,
אַיינגעהאַלטן אין צאָרן און גרויס אין גענאָד.
ט 9 גוט איז גאָט צו אַלעמען,
און זיין רחמנות איז אויף אַלע זיינע ווערק.
י 10 דיך וועלן לויבן, גאָט, אַלע דיינע ווערק,
און דיינע פרומע וועלן דיך בענטשן.
כ 11 די פּראַכט פון דיין מלוכה וועלן זיי דערציילן,
און פון דיין גבורה וועלן זיי רעדן;
ל 12 צו לאָזן וויסן די מענטשנקינדער זיינע גבורות,
און די פּראַכטיקע שיינקייט פון זיין מלוכה.
מ 13 דיין מלוכה איז די מלוכה פון אַלע אייביקייטן,
און דיין געוועלטיקונג איז אין אַלע דור־דורות.

יא אֶת־דָּוִד עַבְדּוֹ מֵחֶרֶב רָעָה׃ פְּצֵנִי וְהַצִּילֵנִי מִיַּד בְּנֵי־נֵכָר
יב אֲשֶׁר־פִּיהֶם דִּבֶּר־שָׁוְא וִימִינָם יְמִין שָׁקֶר׃ אֲשֶׁר בָּנֵינוּ ׀
כִּנְטִעִים מְגֻדָּלִים בִּנְעוּרֵיהֶם בְּנוֹתֵינוּ כְזָוִיֹּת מְחֻטָּבוֹת
יג תַּבְנִית הֵיכָל׃ מְזָוֵינוּ מְלֵאִים מְפִיקִים מִזַּן אֶל־זַן צֹאונֵנוּ
יד מַאֲלִיפוֹת מְרֻבָּבוֹת בְּחוּצוֹתֵינוּ׃ אַלּוּפֵינוּ מְסֻבָּלִים אֵין
טו פֶּרֶץ וְאֵין יוֹצֵאת וְאֵין צְוָחָה בִּרְחֹבֹתֵינוּ׃ אַשְׁרֵי הָעָם
שֶׁכָּכָה לּוֹ אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁיְהוָה אֱלֹהָיו׃

קמה

א תְּהִלָּה לְדָוִד אֲרוֹמִמְךָ אֱלוֹהַי הַמֶּלֶךְ וַאֲבָרְכָה שִׁמְךָ לְעוֹלָם
ב וָעֶד׃ בְּכָל־יוֹם אֲבָרְכֶךָּ וַאֲהַלְלָה שִׁמְךָ לְעוֹלָם וָעֶד׃
ג ד גָּדוֹל יְהוָה וּמְהֻלָּל מְאֹד וְלִגְדֻלָּתוֹ אֵין חֵקֶר׃ דּוֹר לְדוֹר
ה יְשַׁבַּח מַעֲשֶׂיךָ וּגְבוּרֹתֶיךָ יַגִּידוּ׃ הֲדַר כְּבוֹד הוֹדֶךָ וְדִבְרֵי
ו נִפְלְאֹתֶיךָ אָשִׂיחָה׃ וֶעֱזוּז נוֹרְאֹתֶיךָ יֹאמֵרוּ וּגְדֻלָּתְךָ
ז ח אֲסַפְּרֶנָּה׃ זֵכֶר רַב־טוּבְךָ יַבִּיעוּ וְצִדְקָתְךָ יְרַנֵּנוּ׃ חַנּוּן
ט וְרַחוּם יְהוָה אֶרֶךְ אַפַּיִם וּגְדָל־חָסֶד׃ טוֹב־יְהוָה לַכֹּל
י וְרַחֲמָיו עַל־כָּל־מַעֲשָׂיו׃ יוֹדוּךָ יְהוָה כָּל־מַעֲשֶׂיךָ וַחֲסִידֶיךָ
יא יב יְבָרְכוּכָה׃ כְּבוֹד מַלְכוּתְךָ יֹאמֵרוּ וּגְבוּרָתְךָ יְדַבֵּרוּ׃ לְהוֹדִיעַ
יג לִבְנֵי הָאָדָם גְּבוּרֹתָיו וּכְבוֹד הֲדַר מַלְכוּתוֹ׃ מַלְכוּתְךָ
יד מַלְכוּת כָּל־עֹלָמִים וּמֶמְשַׁלְתְּךָ בְּכָל־דּוֹר וָדֹר׃ סוֹמֵךְ
טו יְהוָה לְכָל־הַנֹּפְלִים וְזוֹקֵף לְכָל־הַכְּפוּפִים׃ עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ
טז יְשַׂבֵּרוּ וְאַתָּה נוֹתֵן־לָהֶם אֶת־אָכְלָם בְּעִתּוֹ׃ פּוֹתֵחַ אֶת־
יז יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל־חַי רָצוֹן׃ צַדִּיק יְהוָה בְּכָל־דְּרָכָיו
יח וְחָסִיד בְּכָל־מַעֲשָׂיו׃ קָרוֹב יְהוָה לְכָל־קֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר
יט יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת׃ רְצוֹן־יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה וְאֶת־שַׁוְעָתָם יִשְׁמַע
כ וְיוֹשִׁיעֵם׃ שׁוֹמֵר יְהוָה אֶת־כָּל־אֹהֲבָיו וְאֵת כָּל־הָרְשָׁעִים
כא יַשְׁמִיד׃ תְּהִלַּת יְהוָה יְדַבֶּר פִּי וִיבָרֵךְ כָּל־בָּשָׂר שֵׁם
קָדְשׁוֹ לְעוֹלָם וָעֶד׃

---

קמד, יג׳ פתח בצ״וי    יהוה בס״א צאוננו מאליפות
קמה, א׳ כלאו׳    ו׳ וגדולתך קרי

ס 14 גאָט לענט אונטער אַלע געפאַלענע,
און שטעלט אויף אַלע געבויגענע.
ע 15 די אויגן פון אַלעמען קוקן אויס אויף דיר,
און דו גיסט זיי זייער עסן אין זיין צייט.
פ 16 עפנסט דיין האַנט,
און זעטיקסט יעטוועדער לעבעדיקן מיט גוטוויליקייט.
צ 17 גערעכט איז גאָט אין אַלע זיינע וועגן,
און גענאָדיק אין אַלע זיינע מעשׂים.
ק 18 גאָט איז נאָענט צו אַלע וואָס רופן אים,
צו אַלע וואָס רופן אים מיט אמת.
ר 19 ער טוט דעם רצון פון די וואָס פאָרכטן אים,
און זייער געשריי הערט ער צו, און העלפט זיי.
ש 20 גאָט באַהיט אַלע וואָס האָבן אים ליב,
און אַלע רשעים וועט ער פאַרטיליקן.
ת 21 דעם לויב פון גאָט זאָל רעדן מיין מויל,
און יעטוועדער לייב זאָל בענטשן זיין הייליקן נאָמען
אייביק און שטענדיק.

## קמו

א ב הַלְלוּ־יָהּ הַלְלִי נַפְשִׁי אֶת־יְהוָה׃ אֲהַלְלָה יְהוָה בְּחַיָּי
ג אֲזַמְּרָה לֵאלֹהַי בְּעוֹדִי׃ אַל־תִּבְטְחוּ בִנְדִיבִים בְּבֶן־אָדָם ׀
ד שֶׁאֵין לוֹ תְשׁוּעָה׃ תֵּצֵא רוּחוֹ יָשֻׁב לְאַדְמָתוֹ בַּיּוֹם הַהוּא
ה אָבְדוּ עֶשְׁתֹּנֹתָיו׃ אַשְׁרֵי שֶׁאֵל יַעֲקֹב בְּעֶזְרוֹ שִׂבְרוֹ עַל־
ו יְהוָה אֱלֹהָיו׃ עֹשֶׂה ׀ שָׁמַיִם וָאָרֶץ אֶת־הַיָּם וְאֶת־כָּל־
ז אֲשֶׁר־בָּם הַשֹּׁמֵר אֱמֶת לְעוֹלָם׃ עֹשֶׂה מִשְׁפָּט ׀ לָעֲשׁוּקִים
ח נֹתֵן לֶחֶם לָרְעֵבִים יְהוָה מַתִּיר אֲסוּרִים׃ יְהוָה ׀ פֹּקֵחַ
ט עִוְרִים יְהוָה זֹקֵף כְּפוּפִים יְהוָה אֹהֵב צַדִּיקִים׃ יְהוָה ׀ שֹׁמֵר
י אֶת־גֵּרִים יָתוֹם וְאַלְמָנָה יְעוֹדֵד וְדֶרֶךְ רְשָׁעִים יְעַוֵּת׃ יִמְלֹךְ
יְהוָה ׀ לְעוֹלָם אֱלֹהַיִךְ צִיּוֹן לְדֹר וָדֹר הַלְלוּ־יָהּ׃

## קמז

א הַלְלוּ־יָהּ ׀ כִּי־טוֹב זַמְּרָה אֱלֹהֵינוּ כִּי־נָעִים נָאוָה תְהִלָּה׃
ב ג בּוֹנֵה יְרוּשָׁלַםִ יְהוָה נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל יְכַנֵּס׃ הָרֹפֵא לִשְׁבוּרֵי
ד לֵב וּמְחַבֵּשׁ לְעַצְּבוֹתָם׃ מוֹנֶה מִסְפָּר לַכּוֹכָבִים לְכֻלָּם
ה שֵׁמוֹת יִקְרָא׃ גָּדוֹל אֲדוֹנֵינוּ וְרַב־כֹּחַ לִתְבוּנָתוֹ אֵין מִסְפָּר׃
ו ז מְעוֹדֵד עֲנָוִים יְהוָה מַשְׁפִּיל רְשָׁעִים עֲדֵי־אָרֶץ׃ עֱנוּ לַיהוָה
ח בְּתוֹדָה זַמְּרוּ לֵאלֹהֵינוּ בְכִנּוֹר׃ הַמְכַסֶּה שָׁמַיִם ׀ בְּעָבִים
ט הַמֵּכִין לָאָרֶץ מָטָר הַמַּצְמִיחַ הָרִים חָצִיר׃ נוֹתֵן לִבְהֵמָה
י לַחְמָהּ לִבְנֵי עֹרֵב אֲשֶׁר יִקְרָאוּ׃ לֹא בִגְבוּרַת הַסּוּס יֶחְפָּץ
יא לֹא־בְשׁוֹקֵי הָאִישׁ יִרְצֶה׃ רוֹצֶה יְהוָה אֶת־יְרֵאָיו אֶת־
יב הַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ׃ שַׁבְּחִי יְרוּשָׁלַםִ אֶת־יְהוָה הַלְלִי אֱלֹהַיִךְ
יג יד צִיּוֹן׃ כִּי־חִזַּק בְּרִיחֵי שְׁעָרָיִךְ בֵּרַךְ בָּנַיִךְ בְּקִרְבֵּךְ׃ הַשָּׂם־
טו גְּבוּלֵךְ שָׁלוֹם חֵלֶב חִטִּים יַשְׂבִּיעֵךְ׃ הַשֹּׁלֵחַ אִמְרָתוֹ אָרֶץ
טז עַד־מְהֵרָה יָרוּץ דְּבָרוֹ׃ הַנֹּתֵן שֶׁלֶג כַּצָּמֶר כְּפוֹר כָּאֵפֶר
יז יח יְפַזֵּר׃ מַשְׁלִיךְ קַרְחוֹ כְפִתִּים לִפְנֵי קָרָתוֹ מִי יַעֲמֹד׃ יִשְׁלַח
יט דְּבָרוֹ וְיַמְסֵם יַשֵּׁב רוּחוֹ יִזְּלוּ־מָיִם׃ מַגִּיד דְּבָרוֹ לְיַעֲקֹב

קמז, יט׳ דבריו קרי

## קמו

1 הַלְלוּיָה.
לויב גאָט, מיין זעל;
2 איך וועל לויבן גאָט כּל־זמן איך לעב,
איך וועל זינגען צו מיין גאָט ווי לאַנג איך בּין.
3 איר זאָלט אײַך ניט פאַרזיכערן אויף פירשטן,
אויף אַ מענטשנקינד וואָס ניטאָ בּיי אים קיין הילף.
4 גייט אויס זיין אָטעם, קערט ער זיך אום צו זיין שטויב;
אין יענעם טאָג גייען אונטער זיינע טראַכטונגען.
5 ווויל צו דעם וואָס דער גאָט פון יעקב איז זיין הילף,
וואָס זיין אויסקוק איז אויף יהוה זיין גאָט,
6 וואָס האָט געמאַכט דעם הימל און די ערד,
דעם ים, און אַלץ וואָס אין זיי;
דער וואָס היט טריישאַפט אויף אייביק;
7 וואָס טוט רעכט צו די געדריקטע,
וואָס גיט בּרויט צו די הונגעריקע.

8 גאָט בּינדט אָפּ די געבּונדענע,
גאָט מאַכט זעעדיק די בּלינדע,
גאָט שטעלט אויף די געבּויגענע,
גאָט האָט ליב די גערעכטע.
9 גאָט בּאַהיט די פרעמדע;
דעם יתום און די אַלמנה ריכט ער אויף,
און דעם וועג פון די רשעים פאַרדרייט ער.
10 יהוה וועט קיניגן אויף אייביק,
דיין גאָט, צִיון, אויף דור־דורות.
הַלְלוּיָה.

## קמז

1 הַלְלוּיָה;
וואָרום גוט איז זינגען צו אונדזער גאָט,
וואָרום עס איז ליבּלעך;
שיין איז דאָס לויבן.
2 גאָט בּויט ירושָלַיִם,
די פאַרשטויסענע פון ישׂראל וועט ער אַיינזאַמלען;
3 דער וואָס היילט די צעבּראָכענע הערצער,
און פאַרבּינדט זייערע וווּנדן.
4 ער ציילט דעם מספּר פון די שטערן,
זיי אַלע מיט נעמען רופט ער אָן.
5 גרויס איז אונדזער האַר און מאַכטיק אין כּוח,
ניטאָ קיין שיעור צו זיין פאַרשטאַנדיקייט.
6 גאָט ריכט אויף די געדריקטע,
ער דערנידערט די רשעים בּיז דער ערד.

7 זינגט צו יהוה מיט דאַנק,
שפּילט צו אונדזער גאָט אויף דער האַרף.
8 דער וואָס בּאַדעקט דעם הימל מיט וואָלקנס,
וואָס בּרייט אָן רעגן פאַר דער ערד,
וואָס בּאַשפּראָצט די בּערג מיט גראָז.
9 ער גיט דער בּהמה איר שפּייז,
די קינדער פון ראָב וואָס רופן.
10 ניט די גבורה פון דעם פערד בּאַגערט ער,
ניט די שענקלען פון דעם מאַן וויל ער.

א וואָרטשפּיל: כְּפוֹר כָּאֵפֶר יְפַזֵּר.

11 גאָט וויל די וואָס פאָרכטן אים,
די וואָס האַרן אויף זיין חסד.

12 גיב אַ שבח צו יהוה, ירושָלַיִם,
לויב דיין גאָט, צִיון.
13 וואָרום ער האָט געשטאַרקט די ריגלען פון דיינע טויערן,
ער האָט געבּענטשט דיינע קינדער אין דיר;
14 דער וואָס גיט דיין געמאַרק שלום,
דיך זעטיקט מיט פעטס פון ווייץ;
15 דער וואָס שיקט זיין אָנזאָג אויף דער ערד—
אויף גיך לויפט זיין וואָרט;
16 דער וואָס גיט שניי אַזוי ווי וואָל,
פראָסט ווי אַש טוט ער שפּרייטןא.
17 ער וואַרפט זיין אייז אַזוי ווי בּרעקלעך;
פאַר זיין קעלט ווער קען בּאַשטיין?
18 ער שיקט זיין וואָרט, און מאַכט זיי צעגיין;
ער מאַכט בּלאָזן זיין ווינט, רינען וואַסערן.
19 ער זאָגט זיינע ווערטער צו יעקב,

זיינע חוקים און זיינע געזעצן צו ישׂראל.
20 ער האָט אַזוי ניט געטאָן צו קיין פֿאָלק,
און געזעצן, דערפֿון ווייסן זיי ניט.
הַלְלוּיָה.

## קמח

1 הַלְלוּיָה.
לויבט גאָט, פֿון די הימלען,
לויבט אים אין די הייכן.
2 לויבט אים, אַלע זיינע מלאכים;
לויבט אים, אַלע זיינע חַיָלות.
3 לויבט אים, זון און לבנה;
לויבט אים, אַלע ליכטיקע שטערן.
4 לויבט אים, די הימלען פֿון די הימלען,
און די וואַסערן וואָס איבער די הימלען.
5 זאָלן זיי לויבן דעם נאָמען פֿון גאָט,
וואָרום ער האָט באַפֿוילן, און זיי זיינען באַשאַפֿן געוואָרן.
6 און ער האָט זיי אויפֿגעשטעלט אויף שטענדיק, אויף אייביק;
ער האָט געשטעלט אַ געזעץ וואָס זאָל ניט פֿאַרגיין.

7 לויבט גאָט, פֿון דער ערד,
איר ים־חיות און אַלע תְּהומען;
8 פֿייער און האָגל, שניי און נעבל;
דער שטורעמווינט וואָס טוט זיין וואָרט;
9 בערג און אַלע הייכן,
פֿרוכטביימער און אַלע צעדערן;
10 חיות און אַלע בהמות,
שרצים און געפֿליגלטע פֿויגלען;
11 מלכים פֿון דער ערד און אַלע פֿעלקער,
האַרן און אַלע ריכטער פֿון דער ערד;
12 בָחורים און אויך יונגפֿרויען,
זקנים מיט יינגלעך.
13 זיי זאָלן לויבן דעם נאָמען פֿון גאָט,
וואָרום זיין נאָמען אַליין איז דערהויבן;
זיין גלאַנץ איבער ערד און הימל.
14 און ער האָט דערהייכט דעם האָרן פֿון זיין פֿאָלק—
אַ לויב פֿאַר אַלע זיינע פֿרומע,
פֿאַר די קינדער פֿון ישׂראל,
דעם פֿאָלק וואָס איז אים נאָענט.
הַלְלוּיָה.

## קמט

1 הַלְלוּיָה.
זינגט צו גאָט אַ ניי געזאַנג,
זיין לויב אין דער אײַנזאַמלונג פֿון די פֿרומע.
2 זאָל זיך פֿרייען ישׂראל מיט זיין באַשעפֿער,
די קינדער פֿון ציון זאָלן לוסטיק זיין מיט זייער מלך.
3 זאָלן זיי לויבן זיין נאָמען מיט טאַנץ,
מיט פּויק און האַרף זאָלן זיי שפּילן צו אים.
4 וואָרום גאָט באַוויליקט זיין פֿאָלק,
ער באַשיינט די געדריקטע מיט הילף.

כ חֻקָּיו וּמִשְׁפָּטָיו לְיִשְׂרָאֵל׃ לֹא עָשָׂה כֵן ׀ לְכָל־גּוֹי וּמִשְׁפָּטִים
בַּל־יְדָעוּם הַלְלוּיָהּ׃

קמח

א הַלְלוּיָהּ ׀ הַלְלוּ אֶת־יְהוָה מִן־הַשָּׁמַיִם הַלְלוּהוּ בַּמְּרוֹמִים׃
ב ג הַלְלוּהוּ כָל־מַלְאָכָיו הַלְלוּהוּ כָּל־צְבָאָו׃ הַלְלוּהוּ שֶׁמֶשׁ
ד וְיָרֵחַ הַלְלוּהוּ כָּל־כּוֹכְבֵי אוֹר׃ הַלְלוּהוּ שְׁמֵי הַשָּׁמָיִם
ה וְהַמַּיִם אֲשֶׁר ׀ מֵעַל הַשָּׁמָיִם׃ יְהַלְלוּ אֶת־שֵׁם יְהוָה כִּי
ו הוּא צִוָּה וְנִבְרָאוּ׃ וַיַּעֲמִידֵם לָעַד לְעוֹלָם חָק־נָתַן וְלֹא
ז יַעֲבוֹר׃ הַלְלוּ אֶת־יְהוָה מִן־הָאָרֶץ תַּנִּינִים וְכָל־תְּהֹמוֹת׃
ח ט אֵשׁ וּבָרָד שֶׁלֶג וְקִיטוֹר רוּחַ סְעָרָה עֹשָׂה דְבָרוֹ׃ הֶהָרִים
י וְכָל־גְּבָעוֹת עֵץ פְּרִי וְכָל־אֲרָזִים׃ הַחַיָּה וְכָל־בְּהֵמָה
יא רֶמֶשׂ וְצִפּוֹר כָּנָף׃ מַלְכֵי־אֶרֶץ וְכָל־לְאֻמִּים שָׂרִים וְכָל־
יב שֹׁפְטֵי אָרֶץ׃ בַּחוּרִים וְגַם־בְּתוּלוֹת זְקֵנִים עִם־נְעָרִים׃
יג יְהַלְלוּ ׀ אֶת־שֵׁם יְהוָה כִּי־נִשְׂגָּב שְׁמוֹ לְבַדּוֹ הוֹדוֹ עַל־אֶרֶץ
יד וְשָׁמָיִם׃ וַיָּרֶם קֶרֶן ׀ לְעַמּוֹ תְּהִלָּה לְכָל־חֲסִידָיו לִבְנֵי
יִשְׂרָאֵל עַם קְרֹבוֹ הַלְלוּיָהּ׃

קמט

א הַלְלוּיָהּ ׀ שִׁירוּ לַיהוָה שִׁיר חָדָשׁ תְּהִלָּתוֹ בִּקְהַל חֲסִידִים׃
ב ג יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּעֹשָׂיו בְּנֵי־צִיּוֹן יָגִילוּ בְמַלְכָּם׃ יְהַלְלוּ שְׁמוֹ
ד בְמָחוֹל בְּתֹף וְכִנּוֹר יְזַמְּרוּ־לוֹ׃ כִּי־רוֹצֶה יְהוָה בְּעַמּוֹ יְפָאֵר
ה עֲנָוִים בִּישׁוּעָה׃ יַעְלְזוּ חֲסִידִים בְּכָבוֹד יְרַנְּנוּ עַל־מִשְׁכְּבוֹתָם׃
ו ז רוֹמְמוֹת אֵל בִּגְרוֹנָם וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת בְּיָדָם׃ לַעֲשׂוֹת
ח נְקָמָה בַּגּוֹיִם תּוֹכֵחוֹת בַּלְאֻמִּים׃ לֶאְסֹר מַלְכֵיהֶם בְּזִקִּים
ט וְנִכְבְּדֵיהֶם בְּכַבְלֵי בַרְזֶל׃ לַעֲשׂוֹת בָּהֶם ׀ מִשְׁפָּט כָּתוּב
הָדָר הוּא לְכָל־חֲסִידָיו הַלְלוּיָהּ׃

קנ

א ב הַלְלוּיָהּ ׀ הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ׃ הַלְלוּהוּ

קמח, א׳ פתח באתנח ב׳ צבאו קרי

5 זאָלן די פֿרומע זיך פֿרייען אין כּבוד,
זאָלן זיי זינגען אויף זייערע געלעגערס.
6 דערהייבונגען פֿון גאָט אין זייער קעל,
און אַ צווייִשאַרפֿיקע שווערד אין זייער האַנט,
7 צו טאָן אַ נקמה אָן די פֿעלקער,
שטראָפֿונגען אויף די אומות;
8 צו שמידן זייערע מלכים אין קייטן,
און זייערע אָנגעזעענע אין אײַזערנע רינגען;
9 צו טאָן אויף זיי דעם אָנגעשריבענעם משפּט.
שיין וועט דאָס זיין פֿאַר אַלע זיינע פֿרומע.
הַלְלוּיָה.

## קנ

1 הַלְלוּיָה.
לויבט גאָט אין זיין הייליקטום,
לויבט אים אין זיין מאַכטיקן הימל.
2 לויבט אים ווען זיינע גבורות,

בִּגְבוּרֹתָיו הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ׃ הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר ג
הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר׃ הַלְלוּהוּ בְתֹף וּמָחוֹל הַלְלוּהוּ ד
בְּמִנִּים וְעוּגָב׃ הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי ה
תְרוּעָה׃ כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ הַלְלוּיָהּ׃ ו

לויבט אים לויט זיין פיל גרויסקייט.
3 לויבט אים מיט בלאָזונג פון שופר,
לויבט אים מיט גיטאַר און האַרף.
4 לויבט אים מיט פויק און טאַנץ,
לויבט אים מיט סטרונעס און פלייט.
5 לויבט אים מיט קלינגעדיקע צימבלען,
לויבט אים מיט הילכיקע צימבלען.
6 אַלץ וואָס אָטעמט זאָל לויבן יָהּ.
הַלְלוּיָהּ.

# חזק

סכום פסוקי דספר תהלים אלפים וחמש מאות ועשרים ושבעה. וסימנו יי׳ אהבתי מעון ביתך ומקום משכן כבודך. וחציו ויפתוהו בפיהם. וסדריו תשעה עשר. וסימנו המשביע בטוב עדיך׃

# מִשְׁלֵי

מִשְׁלֵי שְׁלֹמֹה בֶן־דָּוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל׃ לָדַעַת חָכְמָה א ב
וּמוּסָר לְהָבִין אִמְרֵי בִינָה׃ לָקַחַת מוּסַר הַשְׂכֵּל צֶדֶק ג
וּמִשְׁפָּט וּמֵשָׁרִים׃ לָתֵת לִפְתָאיִם עָרְמָה לְנַעַר דַּעַת ד
וּמְזִמָּה׃ יִשְׁמַע חָכָם וְיוֹסֶף לֶקַח וְנָבוֹן תַּחְבֻּלוֹת יִקְנֶה׃ ה
לְהָבִין מָשָׁל וּמְלִיצָה דִּבְרֵי חֲכָמִים וְחִידֹתָם׃ יִרְאַת יְהוָה ו ז
רֵאשִׁית דָּעַת חָכְמָה וּמוּסָר אֱוִילִים בָּזוּ׃ שְׁמַע בְּנִי ח
מוּסַר אָבִיךָ וְאַל־תִּטֹּשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ׃ כִּי ׀ לִוְיַת חֵן הֵם ט
לְרֹאשֶׁךָ וַעֲנָקִים לְגַרְגְּרֹתֶךָ׃ בְּנִי אִם־יְפַתּוּךָ חַטָּאִים אַל־ י
תֹּבֵא׃ אִם־יֹאמְרוּ לְכָה אִתָּנוּ נֶאֶרְבָה לְדָם נִצְפְּנָה לְנָקִי יא
חִנָּם׃ נִבְלָעֵם כִּשְׁאוֹל חַיִּים וּתְמִימִים כְּיוֹרְדֵי בוֹר׃ כָּל־ יב יג
הוֹן יָקָר נִמְצָא נְמַלֵּא בָתֵּינוּ שָׁלָל׃ גּוֹרָלְךָ תַּפִּיל בְּתוֹכֵנוּ יד
כִּיס אֶחָד יִהְיֶה לְכֻלָּנוּ׃ בְּנִי אַל־תֵּלֵךְ בְּדֶרֶךְ אִתָּם מְנַע טו
רַגְלְךָ מִנְּתִיבָתָם׃ כִּי רַגְלֵיהֶם לָרַע יָרוּצוּ וִימַהֲרוּ לִשְׁפָּךְ־ טז
דָּם׃ כִּי־חִנָּם מְזֹרָה הָרָשֶׁת בְּעֵינֵי כָּל־בַּעַל כָּנָף׃ וְהֵם יז יח
לְדָמָם יֶאֱרֹבוּ יִצְפְּנוּ לְנַפְשֹׁתָם׃ כֵּן אָרְחוֹת כָּל־בֹּצֵעַ יט
בָּצַע אֶת־נֶפֶשׁ בְּעָלָיו יִקָּח׃ חָכְמוֹת בַּחוּץ תָּרֹנָּה בָּרְחֹבוֹת כ
תִּתֵּן קוֹלָהּ׃ בְּרֹאשׁ הֹמִיּוֹת תִּקְרָא בְּפִתְחֵי שְׁעָרִים בָּעִיר כא
אֲמָרֶיהָ תֹאמֵר׃ עַד־מָתַי ׀ פְּתָיִם תְּאֵהֲבוּ פֶתִי וְלֵצִים כב
לָצוֹן חָמְדוּ לָהֶם וּכְסִילִים יִשְׂנְאוּ־דָעַת׃ תָּשׁוּבוּ לְתוֹכַחְתִּי כג
הִנֵּה אַבִּיעָה לָכֶם רוּחִי אוֹדִיעָה דְבָרַי אֶתְכֶם׃ יַעַן כד

---

א׳ מ׳ונח ד׳ אי נחה ט׳ חסר י׳ כא׳ ס״א בפתחי שערים

**א** [1] די שפּריכווערטער פון שלמה דעם זון פון דודן,
דעם מלך פון ישׂראל;
[2] כּדי צו וויסן חכמה און מוסר,
צו פאַרשטיין די ווערטער פון פאַרשטאַנדיקייט;
[3] צו נעמען דעם מוסר פון קלוגשאַפט,
גערעכטיקייט און רעכט און יושר;
[4] צו געבן די נאַרן געשײטקייט,
דעם יונגן קענשאַפט און געדאַנקען;
[5] דער חכם זאָל הערן און מערן לערנונג,
און דער פאַרשטאַנדיקער זאָל קריגן תּחבולות;
[6] צו פאַרשטיין אַ שפּריכוואָרט און אַ מליצה,
די ווערטער פון די חכמים און זייערע רעטענישן.

[7] דער אָנהייב פון קענשאַפט איז מורא פאַר גאָט,
אָבער די נאַרן פאַראַכטן חכמה און מוסר.
[8] הער צו, מיין זון, דעם מוסר פון דיין פאָטער,
און זאָלסט ניט פאַרלאָזן די לער פון דיין מוטער;
[9] וואָרום אַ קראַנץ פון חן וועלן זיי זיין פאַר דיין קאָפּ,
און האַלדזבענדער פאַר דיין האַלדז.

[10] מיין זון, אַז די זינדיקע וועלן דיך אָנרעדן,
זאָלסטו ניט איינוויליקן.
[11] אַז זיי וועלן זאָגן: „קום מיט אונדז!
לאָמיר לויערן אויף בלוט,
לאָמיר לאָקערן אויפן אומשולדיקן פאַר אומזיסט;
[12] לאָמיר זיי איינשלינגען לעבעדיקערהייט ווי די
אונטערערד,
און גאַנצערהייט ווי די וואָס נידערן אין גרוב;
[13] אַלערליי טייערע גוטס וועלן מיר געפינען,
מיר וועלן אָנפילן אונדזער הויז מיט רויב;
[14] וואַרף דיין גורל צווישן אונדז,
איין בייטל וועט זיין ביי אונדז אַלעמען";
[15] זאָלסטו ניט גיין, מיין זון, מיט זיי אין וועג,
פאַרמייד דיין פוס פון זייער שטעג.
[16] וואָרום זייערע פיס לויפן צו בייז,
און זיי איילן צו פאַרגיסן בלוט.
[17] וואָרום אומשולדיק איז אויסגעשפּרייט די נעץ,
אין די אויגן פון אַלע געפליגלטע,
[18] בעת מע לויערט אויף זייער בלוט
מע לאָקערט אויף זייערע לעבנס.
[19] אַזוי זיינען די וועגן פון איטלעכן וואָס איז גייציק נאָך
רויב;
עס נעמט אַוועק דאָס לעבן פון דעם וואָס האָט עס.

[20] די חכמה שרייט אויף דער גאַס,
אין די מערק לאָזט זי אַרויס איר קול;
[21] אין עק פון רוישיקע גאַסן רופט זי,
ביי די טויעראַיינגאַנגען, אין שטאָט, רעדט זי אירע
רייד:
[22] ביז וואַנען, איר פאַרנאַרטע, וועט איר ליב האָבן
נאַרישקייט,
און די שפּעטער וועלן זיך גלוסטן געשפּעט,
און די נאַרן וועלן פיינט האָבן וויסן?
[23] קערט אייך צו מיין מוסר,
אָט וועל איך אויסגיסן מיין גייסט צו אייך,
איך וועל אייך מאַכן וויסן מיינע ווערטער.

24 ווײל איך האָב גערופן, און איר האָט ניט געוואָלט,
אויסגעשטרעקט מײן האַנט, און קײנער האָט ניט
פאַרנומען,
25 נאָר איר האָט געמאַכט צו נישט מײן יעטוועדער עצה,
און מײן מוסר האָט איר ניט געוואָלט,
26 וועל איך אויך לאַכן אויף אײַער בראָך,
איך וועל שפּעטן ווען אײַער שרעק וועט קומען;
27 ווען עס קומט ווי אַ געוויטער אײַער שרעק,
און אײַער בראָך וועט ווי אַ שטורעמווינט אָנקומען;
ווען עס קומט אויף אײַך נויט און אַנגסט.
28 דענסמאָל וועלן זײ מיך רופן, און איך וועל ניט
ענטפערן,
זײ וועלן מיך זוכן, און וועלן מיך ניט געפינען.
29 דערפאַר וואָס זײ האָבן פײנט געהאַט וויסן,
און גאָטספאָרכטיקײט ניט אויסגעווײלט;
30 ניט אײַנגעוויליקט צו מײן עצה,
פאַראַכט מײן גאַנצן מוסר.
31 דרום וועלן זײ עסן פון דער פרוכט פון זײער וועג,
און מיט זײערע עצות זיך זעטן.
32 וואָרום די אָפּקערונג פון די פאַרנאַרטע וועט זײ
הרגען,
און די שַלווה פון די נאַרן וועט זײ אונטערברענגען.
33 אָבער דער וואָס הערט מיר צו וועט וווינען אין
זיכערקײט,
און באַרוט זײן פון שרעק פאַר בײז.

ב 1 מײן זון, אַז דו וועסט אָננעמען מײנע ווערטער,
און מײנע געבאָט וועסטו באַהאַלטן בײ זיך,
2 צוצולײגן צו חכמה דײן אויער,
נײגן דײן האַרץ צו פאַרשטאַנדיקײט;
3 נאָר בלויז צום שׂכל וועסטו רופן,
צו פאַרשטאַנדיקײט אויפהײבן דײן קָול;
4 אַז דו וועסט זי זוכן ווי זילבער,
און ווי נאָך אוצרות זי פאָרשן;
5 דענסמאָל וועסטו פאַרשטײן מורא פאַר יהוה,
און דערקענונג פון גאָט וועסטו געפינען.
6 וואָרום יהוה שענקט חכמה,
פון זײן מויל איז וויסן און פאַרשטאַנדיקײט.
7 ער באַהאַלט פאַר די רעכטפאַרטיקע הילף,
אַ שילד פאַר די וואָס גײען מיט ערלעכקײט,
8 אויפצופאַסן די שטעגן פון גערעכטיקײט,
און די וועגן פון זײנע פרומע באַהיט ער.
9 דענסמאָל וועסטו פאַרשטײן גערעכטיקײט און רעכט
און יושר—יעטוועדער גוטן וועג.
10 וואָרום חכמה וועט קומען אין דײן האַרצן,
און וויסן וועט זײן זיס פאַר דײן זעל.
11 קלוגשאַפט וועט אויפפאַסן אויף דיר,
פאַרשטאַנדיקײט וועט דיך באַהיטן;
12 דיך מציל צו זײן פון דעם שלעכטן וועג,
פון די לײט וואָס רעדן פאַרקערטקײט;
13 וואָס פאַרלאָזן די שטעגן פון רעכטפאַרטיקײט,
צו גײן אין די וועגן פון פינצטערניש;
14 וואָס פרײען זיך צו טאָן בײז,
וואָס קוועלן פון בײזער פאַרקערטקײט;
15 וואָס זײערע וועגן זײנען קרום,
און וואָס זײנען פאַרדרײט אין זײערע גענג.
16 כּדי דיך מציל צו זײן פון דער פרעמדער פרוי,
פון דער אומבאַקענטער וואָס מאַכט גלאַט אירע רײד;
17 וואָס פאַרלאָזט דעם האַר פון איר יוגנט,
און דעם בונד פון איר גאָט האָט זי פאַרגעסן;
18 וואָרום איר הויז נידערט צום טויט,
און אירע שטעגן צו די מתים;
19 אַלע וואָס קומען צו איר, קערן זיך ניט אום,
און דערגרײכן ניט די וועגן פון לעבן.
20 כּדי זאָלסט גײן אין דעם וועג פון די גוטע,
און די שטעגן פון די גערעכטע זאָלסטו אָפּהיטן.
21 וואָרום די רעכטפאַרטיקע וועלן באַוווינען דאָס לאַנד,
און די אומשולדיקע וועלן בלײבן דערין.

כה קָרָאתִי וַתְּמָאֵנוּ נָטִיתִי יָדִי וְאֵין מַקְשִׁיב׃ וַתִּפְרְעוּ כָל־עֲצָתִי
כו וְתוֹכַחְתִּי לֹא אֲבִיתֶם׃ גַּם־אֲנִי בְּאֵידְכֶם אֶשְׂחָק אֶלְעַג
כז בְּבֹא פַחְדְּכֶם׃ בְּבֹא כְשַׁאֲוָה ׀ פַּחְדְּכֶם וְאֵידְכֶם כְּסוּפָה
כח יֶאֱתֶה בְּבֹא עֲלֵיכֶם צָרָה וְצוּקָה׃ אָז יִקְרָאֻנְנִי וְלֹא אֶעֱנֶה
כט יְשַׁחֲרֻנְנִי וְלֹא יִמְצָאֻנְנִי׃ תַּחַת כִּי־שָׂנְאוּ דָעַת וְיִרְאַת יְהוָה
ל לא לֹא בָחָרוּ׃ לֹא־אָבוּ לַעֲצָתִי נָאֲצוּ כָּל־תּוֹכַחְתִּי׃ וְיֹאכְלוּ
לב מִפְּרִי דַרְכָּם וּמִמֹּעֲצֹתֵיהֶם יִשְׂבָּעוּ׃ כִּי מְשׁוּבַת פְּתָיִם
לג תַּהַרְגֵם וְשַׁלְוַת כְּסִילִים תְּאַבְּדֵם׃ וְשֹׁמֵעַ לִי יִשְׁכָּן־בֶּטַח
וְשַׁאֲנַן מִפַּחַד רָעָה׃

ב

א ב בְּנִי אִם־תִּקַּח אֲמָרָי וּמִצְוֺתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ׃ לְהַקְשִׁיב
ג לַחָכְמָה אָזְנֶךָ תַּטֶּה לִבְּךָ לַתְּבוּנָה׃ כִּי אִם לַבִּינָה תִקְרָא
ד לַתְּבוּנָה תִּתֵּן קוֹלֶךָ׃ אִם־תְּבַקְשֶׁנָּה כַכָּסֶף וְכַמַּטְמוֹנִים
ה תַּחְפְּשֶׂנָּה׃ אָז תָּבִין יִרְאַת יְהוָה וְדַעַת אֱלֹהִים תִּמְצָא׃
ו ז כִּי־יְהוָה יִתֵּן חָכְמָה מִפִּיו דַּעַת וּתְבוּנָה׃ וּצְפֹּן לַיְשָׁרִים
ח תּוּשִׁיָּה מָגֵן לְהֹלְכֵי תֹם׃ לִנְצֹר אָרְחוֹת מִשְׁפָּט וְדֶרֶךְ
ט חֲסִידָו יִשְׁמֹר׃ אָז תָּבִין צֶדֶק וּמִשְׁפָּט וּמֵישָׁרִים כָּל־
י מַעְגַּל־טוֹב׃ כִּי־תָבוֹא חָכְמָה בְלִבֶּךָ וְדַעַת לְנַפְשְׁךָ יִנְעָם׃
יא יב מְזִמָּה תִּשְׁמֹר עָלֶיךָ תְּבוּנָה תִנְצְרֶכָּה׃ לְהַצִּילְךָ מִדֶּרֶךְ
יג רָע מֵאִישׁ מְדַבֵּר תַּהְפֻּכוֹת׃ הַעֹזְבִים אָרְחוֹת יֹשֶׁר לָלֶכֶת
יד בְּדַרְכֵי־חֹשֶׁךְ׃ הַשְּׂמֵחִים לַעֲשׂוֹת רָע יָגִילוּ בְּתַהְפֻּכוֹת
טו רָע׃ אֲשֶׁר אָרְחֹתֵיהֶם עִקְּשִׁים וּנְלוֹזִים בְּמַעְגְּלוֹתָם׃
טז יז לְהַצִּילְךָ מֵאִשָּׁה זָרָה מִנָּכְרִיָּה אֲמָרֶיהָ הֶחֱלִיקָה׃ הַעֹזֶבֶת
יח אַלּוּף נְעוּרֶיהָ וְאֶת־בְּרִית אֱלֹהֶיהָ שָׁכֵחָה׃ כִּי שָׁחָה אֶל־
יט מָוֶת בֵּיתָהּ וְאֶל־רְפָאִים מַעְגְּלֹתֶיהָ׃ כָּל־בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן
כ וְלֹא־יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים׃ לְמַעַן תֵּלֵךְ בְּדֶרֶךְ טוֹבִים
כא וְאָרְחוֹת צַדִּיקִים תִּשְׁמֹר׃ כִּי־יְשָׁרִים יִשְׁכְּנוּ־אָרֶץ

א, כז׳ כשואה קרי   ב, ז׳ יצפן קרי   ח׳ חסידיו קרי

כב וּתְמִימִים יִוָּתְרוּ בָהּ׃ וּרְשָׁעִים מֵאֶרֶץ יִכָּרֵתוּ וּבוֹגְדִים
יִסְּחוּ מִמֶּנָּה׃

## ג

א בְּנִי תּוֹרָתִי אַל־תִּשְׁכָּח וּמִצְוֺתַי יִצֹּר לִבֶּךָ׃ כִּי אֹרֶךְ יָמִים
ב וּשְׁנוֹת חַיִּים וְשָׁלוֹם יוֹסִיפוּ לָךְ׃ חֶסֶד וֶאֱמֶת אַל־יַעַזְבֻךָ
ג קָשְׁרֵם עַל־גַּרְגְּרוֹתֶיךָ כָּתְבֵם עַל־לוּחַ לִבֶּךָ׃ וּמְצָא־חֵן
ד וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וְאָדָם׃ בְּטַח אֶל־יְהוָה בְּכָל־
ה לִבֶּךָ וְאֶל־בִּינָתְךָ אַל־תִּשָּׁעֵן׃ בְּכָל־דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ וְהוּא
ו יְיַשֵּׁר אֹרְחֹתֶיךָ׃ אַל־תְּהִי חָכָם בְּעֵינֶיךָ יְרָא אֶת־יְהוָה
ז וְסוּר מֵרָע׃ רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶּךָ וְשִׁקּוּי לְעַצְמוֹתֶיךָ׃ כַּבֵּד
ח ט אֶת־יְהוָה מֵהוֹנֶךָ וּמֵרֵאשִׁית כָּל־תְּבוּאָתֶךָ׃ וְיִמָּלְאוּ אֲסָמֶיךָ
י שָׂבָע וְתִירוֹשׁ יְקָבֶיךָ יִפְרֹצוּ׃ מוּסַר יְהוָה בְּנִי אַל־תִּמְאָס
יא וְאַל־תָּקֹץ בְּתוֹכַחְתּוֹ׃ כִּי אֶת אֲשֶׁר יֶאֱהַב יְהוָה יוֹכִיחַ
יב וּכְאָב אֶת־בֵּן יִרְצֶה׃ אַשְׁרֵי אָדָם מָצָא חָכְמָה וְאָדָם
יג יָפִיק תְּבוּנָה׃ כִּי טוֹב סַחְרָהּ מִסְּחַר־כָּסֶף וּמֵחָרוּץ
יד תְּבוּאָתָהּ׃ יְקָרָה הִיא מִפְּנִיִּים וְכָל־חֲפָצֶיךָ לֹא יִשְׁווּ־בָהּ׃
טו אֹרֶךְ יָמִים בִּימִינָהּ בִּשְׂמֹאולָהּ עֹשֶׁר וְכָבוֹד׃ דְּרָכֶיהָ
טז יז דַרְכֵי־נֹעַם וְכָל־נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם׃ עֵץ־חַיִּים הִיא לַמַּחֲזִיקִים
יח בָּהּ וְתֹמְכֶיהָ מְאֻשָּׁר׃ יְהוָה בְּחָכְמָה יָסַד־אָרֶץ כּוֹנֵן
יט שָׁמַיִם בִּתְבוּנָה׃ בְּדַעְתּוֹ תְּהוֹמוֹת נִבְקָעוּ וּשְׁחָקִים יִרְעֲפוּ־
כ טָל׃ בְּנִי אַל־יָלֻזוּ מֵעֵינֶיךָ נְצֹר תֻּשִׁיָּה וּמְזִמָּה׃ וְיִהְיוּ
כא כב חַיִּים לְנַפְשֶׁךָ וְחֵן לְגַרְגְּרֹתֶיךָ׃ אָז תֵּלֵךְ לָבֶטַח דַּרְכֶּךָ
כג וְרַגְלְךָ לֹא תִגּוֹף׃ אִם־תִּשְׁכַּב לֹא תִפְחָד וְשָׁכַבְתָּ וְעָרְבָה
כד שְׁנָתֶךָ׃ אַל־תִּירָא מִפַּחַד פִּתְאֹם וּמִשֹּׁאַת רְשָׁעִים כִּי
כה תָבֹא׃ כִּי־יְהוָה יִהְיֶה בְכִסְלֶךָ וְשָׁמַר רַגְלְךָ מִלָּכֶד׃ אַל־
כו כז תִּמְנַע־טוֹב מִבְּעָלָיו בִּהְיוֹת לְאֵל יָדְיךָ לַעֲשׂוֹת׃ אַל־תֹּאמַר
כח לְרֵעֲיךָ לֵךְ וָשׁוּב וּמָחָר אֶתֵּן וְיֵשׁ אִתָּךְ׃ אַל־תַּחֲרֹשׁ עַל־
כט

ג,ג׳ חסר י׳ ח׳ רי׳ בדגש יב׳ סגול בלי מקף טו׳ מפנינים קרי
כז׳ ידך קרי כח׳ לרעך קרי

22 אָבער די רשעים וועלן פאַרשניטן ווערן פון לאַנד,
און די פעלשער וועלן אַרויסגעריסן ווערן פון איר.

## ג

1 מיין זון, זאָלסט ניט פאַרגעסן מיין לערנונג,
און מיינע געבאָט זאָל היטן דיין האַרץ.
2 וואָרום אַריכת־יָמים און יאָרן פון לעבן
און פריד וועלן זיי דיר צוגעבן.
3 גענאָד און אמת זאָלן דיך ניט פאַרלאָזן,
בינד זיי אַרום דיין האַלדז,
שרייב זיי אָן אויפן טאָוול פון דיין האַרצן,
4 און געפין לייטזעליקייט און גוטן חן
אין די אויגן פון גאָט און פון לייט.

5 פאַרזיכער זיך אויף גאָט מיט דיין גאַנצן האַרצן,
און אויף דיין פאַרשטאַנדיקייט זאָלסטו זיך ניט
אָנלענען.
6 אין אַלע דיינע וועגן טו אים קענען,
און ער וועט גלייך מאַכן דיינע שטעגן.

7 זאָלסט ניט זיין אַ חכם אין דיינע אויגן,
האָב מורא פאַר גאָט, און קער זיך אָפּ פון בייז.
8 דאָס וועט זיין אַ היילונג פאַר דיין נאָפּל,
און אַ זאַפט פאַר דיינע ביינער.

9 גיב כבוד צו גאָט פון דיין גוטס,
און פונעם ערשטן פון אַל דיין תּבואה,
10 און דיינע שפּייכלערס וועלן פול זיין מיט זעט,
און דיינע קעלטערס וועלן פלייצן מיט וויין.

11 דעם מוסר פון גאָט זאָלסטו, מיין זון, ניט פאַראַכטן,
און זאָלסט ניט פאַראומווערדיקן זיין שטראָף.
12 וואָרום דעם וואָס גאָט האָט ליב, דעם שטראָפט ער,
און ווי אַ פאָטער דעם זון וואָס ער האָט האָלט.
13 ווויל צו דעם מענטשן וואָס געפינט חכמה,
און דעם מענטשן וואָס קריגט פאַרשטאַנדיקייט.
14 וואָרום איר סחורה איז בעסער ווי סחורה פון זילבער,
און מער ווי גינגאָלד איר איינקום.
15 זי איז טייערער פון פּערל,
און אַלע דיינע חפצים זיינען ניט גלייך צו איר.
16 אַריכת־יָמים איז אין איר רעכטער האַנט,
אין איר לינקער עשירות און כּבוד.
17 אירע וועגן זיינען וועגן פון ליבלעכקייט,
און אַלע אירע שטעגן זיינען שלום.
18 אַ בוים פון לעבן איז זי פאַר די וואָס האַלטן זי פעסט,
און דער וואָס האַלט זיך אָן איר איז באַגליקט.

19 גאָט האָט מיט חכמה געגרונטפעסט די ערד,
ער האָט אויפגעשטעלט די הימלען מיט
פאַרשטאַנדיקייט.
20 דורך זיין וויסן האָבן זיך די תּהומען געשפּאָלטן,
און די הימלען טריפן טוי.

21 מיין זון, זאָלן זיי ניט אַוועק פון דיינע אויגן;
היט קלוגשאַפט און געשייטקייט,
22 און זיי וועלן זיין לעבן פאַר דיין לייב,
און חן אויף דיין האַלדז.
23 דענסמאָל וועסטו גיין אין זיכערקייט דיין וועג,
און וועסט ניט אָפּשלאָגן דיין פוס.
24 אַז דו וועסט זיך לייגן וועסטו ניט אַנגסטן,
און וועסט ליגן, און זיס וועט זיין דיין שלאָף.
25 זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר אַן אומגעריכטן שרעק,
און פאַר דער פאַרוויסטונג פון די רשעים, ווען זי קומט.
26 וואָרום גאָט וועט זיין דיין ביטחון,
און וועט היטן דיין פוס פון באַצווינגעניש.
27 זאָלסט ניט פאַרמיידן גוטס פון דעם וואָס דאַרף עס,
ווען דיין האַנט האָט בכּוח צו טאָן.
28 זאָלסט ניט זאָגן צו דיין חבר: „גיי, און קום ווידער,
און מאָרגן וועל איך געבן”, ווען דו האָסט ביי זיך.
29 זאָלסט ניט טראַכטן אַ רעה אויף דיין חבר,

ל רֵעֲךָ רָעָה וְהוּא־יוֹשֵׁב לָבֶטַח אִתָּךְ׃ אַל־תָּרוֹב עִם־אָדָם
לא חִנָּם אִם־לֹא גְמָלְךָ רָעָה׃ אַל־תְּקַנֵּא בְּאִישׁ חָמָס וְאַל־
לב תִּבְחַר בְּכָל־דְּרָכָיו׃ כִּי תוֹעֲבַת יְהוָה נָלוֹז וְאֶת־יְשָׁרִים
לג סוֹדוֹ׃ מְאֵרַת יְהוָה בְּבֵית רָשָׁע וּנְוֵה צַדִּיקִים יְבָרֵךְ׃
לד לה אִם־לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ וְלַעֲנָיִים יִתֶּן־חֵן׃ כָּבוֹד חֲכָמִים
יִנְחָלוּ וּכְסִילִים מֵרִים קָלוֹן׃

ד

א ב שִׁמְעוּ בָנִים מוּסַר אָב וְהַקְשִׁיבוּ לָדַעַת בִּינָה׃ כִּי לֶקַח
ג טוֹב נָתַתִּי לָכֶם תּוֹרָתִי אַל־תַּעֲזֹבוּ׃ כִּי־בֵן הָיִיתִי לְאָבִי
ד רַךְ וְיָחִיד לִפְנֵי אִמִּי׃ וַיֹּרֵנִי וַיֹּאמֶר לִי יִתְמָךְ־דְּבָרַי לִבֶּךָ
ה שְׁמֹר מִצְוֺתַי וֶחְיֵה׃ קְנֵה חָכְמָה קְנֵה בִינָה אַל־תִּשְׁכַּח
ו וְאַל־תֵּט מֵאִמְרֵי־פִי׃ אַל־תַּעַזְבֶהָ וְתִשְׁמְרֶךָּ אֱהָבֶהָ
ז וְתִצְּרֶךָּ׃ רֵאשִׁית חָכְמָה קְנֵה חָכְמָה וּבְכָל־קִנְיָנְךָ קְנֵה
ח ט בִינָה׃ סַלְסְלֶהָ וּתְרוֹמְמֶךָּ תְּכַבֵּדְךָ כִּי תְחַבְּקֶנָּה׃ תִּתֵּן
י לְרֹאשְׁךָ לִוְיַת־חֵן עֲטֶרֶת תִּפְאֶרֶת תְּמַגְּנֶךָּ׃ שְׁמַע בְּנִי וְקַח
יא אֲמָרָי וְיִרְבּוּ לְךָ שְׁנוֹת חַיִּים׃ בְּדֶרֶךְ חָכְמָה הֹרֵתִיךָ
יב הִדְרַכְתִּיךָ בְּמַעְגְּלֵי־יֹשֶׁר׃ בְּלֶכְתְּךָ לֹא־יֵצַר צַעֲדֶךָ וְאִם־
יג תָּרוּץ לֹא תִכָּשֵׁל׃ הַחֲזֵק בַּמּוּסָר אַל־תֶּרֶף נִצְּרֶהָ כִּי־הִיא
יד חַיֶּיךָ׃ בְּאֹרַח רְשָׁעִים אַל־תָּבֹא וְאַל־תְּאַשֵּׁר בְּדֶרֶךְ רָעִים׃
טו טז פְּרָעֵהוּ אַל־תַּעֲבָר־בּוֹ שְׂטֵה מֵעָלָיו וַעֲבוֹר׃ כִּי לֹא יִשְׁנוּ
יז אִם־לֹא יָרֵעוּ וְנִגְזְלָה שְׁנָתָם אִם־לֹא יַכְשׁוֹלוּ׃ כִּי לָחֲמוּ
יח לֶחֶם רֶשַׁע וְיֵין חֲמָסִים יִשְׁתּוּ׃ וְאֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ
יט הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד־נְכוֹן הַיּוֹם׃ דֶּרֶךְ רְשָׁעִים כָּאֲפֵלָה לֹא יָדְעוּ
כ בַּמֶּה יִכָּשֵׁלוּ׃ בְּנִי לִדְבָרַי הַקְשִׁיבָה לַאֲמָרַי הַט־אָזְנֶךָ׃
כא כב אַל־יַלִּיזוּ מֵעֵינֶיךָ שָׁמְרֵם בְּתוֹךְ לְבָבֶךָ׃ כִּי־חַיִּים הֵם
כג לְמֹצְאֵיהֶם וּלְכָל־בְּשָׂרוֹ מַרְפֵּא׃ מִכָּל־מִשְׁמָר נְצֹר לִבֶּךָ
כד כִּי־מִמֶּנּוּ תּוֹצְאוֹת חַיִּים׃ הָסֵר מִמְּךָ עִקְּשׁוּת פֶּה וּלְזוּת

ג, ל׳ תריב קרי   לד׳ ולענוים קרי   ד, טז׳ יכשילו קרי

ווען ער זיצט אין זיכערקייט ביי דיר.
30 זאָלסט זיך ניט קריגן מיט אַ מענטשן אומזיסט,
אויב ער האָט דיר ניט געטאָן קיין רעה.

31 זאָלסט ניט מקנא זיין דעם מאַן פון אומרעכט,
און זאָלסט ניט אויסוויילן קיינעם פון זיינע וועגן.
32 וואָרום אַן אומווערדיקייט ביי גאָט איז דער פאַר־
קערטער,
און מיט די רעכטפאַרטיקע איז ער פאַרטרויט.

33 די קללה פון גאָט איז אין הויז פון רשע,
און די וווינונג פון צדיק בענטשט ער.
34 אויב שפעטער — מאַכט ער זיי צום געשפעט,
אָבער די שטילע גיט ער חן.
35 כבוד אַרבן די חכמים,
און נאַרן קלייבן אויף שאַנד.

ד

1 הערט צו, קינדער, דעם מוסר פון אַ פאָטער,
און פאַרנעמט, כדי צו קענען פאַרשטאַנדיקייט.
2 וואָרום אַ גוטע לער גיב איך אַייך,
איר זאָלט מיין תּורה ניט פאַרלאָזן.
3 וואָרום איך בין [אויך] געווען אַ זון ביי מיין פאָטער,
אַ ציטעריקער און אַן איינאיינציקער פאַר מיין מוטער.
4 און ער האָט מיך געלערנט, און מיר געזאָגט:
זאָל דיין האַרץ זיך האַלטן אָן מיינע ווערטער,
היט מיינע געבאָט, און לעב.
5 קויף חכמה, קויף פאַרשטאַנדיקייט;
זאָלסט ניט פאַרגעסן, און זיך ניט אָפנייגן פון די ווער־
טער פון מיין מויל.
6 זאָלסט זי ניט פאַרלאָזן, און זי וועט דיך באַהיטן,
האָב זי ליב, און זי וועט דיך אויפפּאַסן.
7 דער אָנהייב פון חכמה איז: קויף חכמה,
יאָ, מיט דיין גאַנצן אייגנס קויף פאַרשטאַנדיקייט.
8 האַלט זי הויך, און זי וועט דיך דערהייבן;
זי וועט דיר אָנטאָן כבוד, אַז דו וועסט זי האַלדזן.
9 זי וועט געבן דיין קאָפּ אַ קראַנץ פון חן,
אַ קרוין פון שיינקייט וועט זי דיר דערלאַנגען.
10 הער, מיין זון, און פאַרנעם מיינע ווערטער,
און דיר וועלן געמערט ווערן יאָרן פון לעבן.
11 אין דעם וועג פון חכמה האָב איך דיך געלערנט,
דיך געפירט אין די שטעגן פון רעכטפאַרטיקייט.
12 אַז דו וועסט גיין, וועט ניט ענג זיין דיין טריט,
און אַז דו וועסט לויפן, וועסטו ניט געשטרויכלט ווערן.
13 האַלט זיך אָן מוסר, זאָלסט ניט אָפּלאָזן,
היט דאָס אָפּ, וואָרום דאָס איז דיין לעבן.
14 אין שטעג פון די רשעים זאָלסטו ניט קומען,
און ניט טרעטן אין וועג פון די שלעכטע.
15 מייד אים אויס, זאָלסט אים ניט פאַרבייגיין,
ווייַך פון אים, און גיי אַוועק.
16 וואָרום זיי קענען ניט שלאָפן ווו זיי טוען ניט שלעכטס,
און זייער שלאָף איז גערויבט ווו זיי מאַכן ניט
שטרויכלען.

17 וואָרום זיי שפּייזן זיך מיט שפּייז פון שלעכטס,
און ווייַן פון רויב טרינקען זיי.
18 אָבער דער שטעג פון די צדיקים איז ווי דאָס ליכט פון
באַגינען,
וואָס ווערט אַלץ ליכטיקער ביז אין רעכטן טאָג.
19 דער וועג פון די רשעים איז ווי פינצטערניש,
זיי ווייסן ניט אָן וואָס זיי וועלן געשטרויכלט ווערן.

20 מיין זון, פאַרנעם מיינע רייד,
נייג צו דיין אויער צו מיינע ווערטער.
21 זאָלן זיי זיך ניט אָפּטאָן פון דיינע אויגן;
היט זיי אין דיין האַרצן.
22 וואָרום זיי זיינען לעבן פאַר די וואָס געפינען זיי,
און אַ היילונג פאַר זייער גאַנצן לייב.
23 מער פון יעטוועדער היטונג פּאַס אויף דיין האַרץ,
וואָרום פון אים זיינען די אַרויסגאַנגען פון לעבן.
24 טו אָפּ פון דיר אַ קרום מויל,

כה שְׂפָתַיִם הַרְחֵק מִמֶּךָּ׃ עֵינֶיךָ לְנֹכַח יַבִּיטוּ וְעַפְעַפֶּיךָ יַיְשִׁרוּ
כו כז נֶגְדֶּךָ׃ פַּלֵּס מַעְגַּל רַגְלֶךָ וְכָל־דְּרָכֶיךָ יִכֹּנוּ׃ אַל־תֵּט־יָמִין
וּשְׂמֹאול הָסֵר רַגְלְךָ מֵרָע׃

ה

א ב בְּנִי לְחָכְמָתִי הַקְשִׁיבָה לִתְבוּנָתִי הַט־אָזְנֶךָ׃ לִשְׁמֹר
ג מְזִמּוֹת וְדַעַת שְׂפָתֶיךָ יִנְצֹרוּ׃ כִּי נֹפֶת תִּטֹּפְנָה שִׂפְתֵי
ד זָרָה וְחָלָק מִשֶּׁמֶן חִכָּהּ׃ וְאַחֲרִיתָהּ מָרָה כַלַּעֲנָה חַדָּה
ה כְּחֶרֶב פִּיּוֹת׃ רַגְלֶיהָ יֹרְדוֹת מָוֶת שְׁאוֹל צְעָדֶיהָ יִתְמֹכוּ׃
ו אֹרַח חַיִּים פֶּן־תְּפַלֵּס נָעוּ מַעְגְּלֹתֶיהָ לֹא תֵדָע׃
ז ח וְעַתָּה בָנִים שִׁמְעוּ־לִי וְאַל־תָּסוּרוּ מֵאִמְרֵי־פִי׃ הַרְחֵק
ט מֵעָלֶיהָ דַרְכֶּךָ וְאַל־תִּקְרַב אֶל־פֶּתַח בֵּיתָהּ׃ פֶּן־תִּתֵּן
י לַאֲחֵרִים הוֹדֶךָ וּשְׁנֹתֶיךָ לְאַכְזָרִי׃ פֶּן־יִשְׂבְּעוּ זָרִים כֹּחֶךָ
יא וַעֲצָבֶיךָ בְּבֵית נָכְרִי׃ וְנָהַמְתָּ בְאַחֲרִיתֶךָ בִּכְלוֹת בְּשָׂרְךָ
יב וּשְׁאֵרֶךָ׃ וְאָמַרְתָּ אֵיךְ שָׂנֵאתִי מוּסָר וְתוֹכַחַת נָאַץ לִבִּי׃
יג וְלֹא־שָׁמַעְתִּי בְּקוֹל מוֹרָי וְלִמְלַמְּדַי לֹא־הִטִּיתִי אָזְנִי׃
יד טו כִּמְעַט הָיִיתִי בְכָל־רָע בְּתוֹךְ קָהָל וְעֵדָה׃ שְׁתֵה־מַיִם
טז מִבּוֹרֶךָ וְנֹזְלִים מִתּוֹךְ בְּאֵרֶךָ׃ יָפוּצוּ מַעְיְנֹתֶיךָ חוּצָה
יז בָּרְחֹבוֹת פַּלְגֵי־מָיִם׃ יִהְיוּ־לְךָ לְבַדֶּךָ וְאֵין לְזָרִים אִתָּךְ׃
יח יט יְהִי־מְקוֹרְךָ בָרוּךְ וּשְׂמַח מֵאֵשֶׁת נְעוּרֶךָ׃ אַיֶּלֶת אֲהָבִים
וְיַעֲלַת־חֵן דַּדֶּיהָ יְרַוֻּךָ בְכָל־עֵת בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד׃
כ כא וְלָמָּה תִשְׁגֶּה בְנִי בְזָרָה וּתְחַבֵּק חֵק נָכְרִיָּה׃ כִּי נֹכַח ׀
כב עֵינֵי יְהוָה דַּרְכֵי־אִישׁ וְכָל־מַעְגְּלֹתָיו מְפַלֵּס׃ עַוֺנוֹתָיו
כג יִלְכְּדֻנוֹ אֶת־הָרָשָׁע וּבְחַבְלֵי חַטָּאתוֹ יִתָּמֵךְ׃ הוּא יָמוּת
בְּאֵין מוּסָר וּבְרֹב אִוַּלְתּוֹ יִשְׁגֶּה׃

ו

א ב בְּנִי אִם־עָרַבְתָּ לְרֵעֶךָ תָּקַעְתָּ לַזָּר כַּפֶּיךָ׃ נוֹקַשְׁתָּ בְאִמְרֵי־
ג פִיךָ נִלְכַּדְתָּ בְּאִמְרֵי־פִיךָ׃ עֲשֵׂה זֹאת אֵפוֹא ׀ בְּנִי וְהִנָּצֵל

און פאַרקערטע ליפּן דערווייטער פון דיר.
25 דיינע אויגן זאָלן קוקן אַנטקעגן,
און דיינע ברעמען זאָלן בליקן גלייך פאַר דיר.
26 האַלט גלייך דעם שטעג פון דיינע פיס,
און אַלע דיינע וועגן זאָלן זיין ריכטיק.
27 זאָלסט זיך ניט נייגן רעכטס אָדער לינקס,
טו אָפּ דיין פוס פון שלעכטס.

ה

1 מיין זון, פאַרנעם מיין חכמה,
נייג דיין אויער צו מיין פאַרשטאַנדיקייט,
2 כּדי זאָלסט אָפּהיטן געשייטקייט,
און דיינע ליפּן זאָלן אויפפּאַסן קענשאַפט.
3 וואָרום האָניקזאַפט טריפן די ליפּן פון דער פרעמדער,
און גלאַטער פון בוימל איז איר גומען.
4 אָבער איר סוף איז ביטער ווי ווערמוט,
שאַרף ווי אַ צווייִשניידיקע שווערד.
5 אירע פיס נידערן צום טויט,
אין אונטערערד שפּאַרן אָן אירע פיס.
6 כּדי זי זאָל ניט גיין דעם גלייכן וועג פון לעבן,
וואָגלען אירע שטעגן, זי ווייס ניט וווהין.
7 און אַצונד, קינדער, הערט מיר צו,
און איר זאָלט ניט אָפּקערן פון די ווערטער פון מיין מויל.
8 דערווייטער פון איר דיין וועג,
און זאָלסט ניט גענענען צום אײַנגאַנג פון איר הויז,
9 כּדי זאָלסט ניט געבן צו אַנדערע דיין פרישקייט,
און דיינע יאָרן צו אַן אַכזר;
10 כּדי פרעמדע זאָלן זיך ניט זעטן מיט דיין קראַפט,
און דיין מי זאָל ניט אָנקומען אין הויז פון אַ ווילד־פרעמדן;
11 און וועסט ברומען אין דיין סוף,
ווען דיין לייב און דיין פלייש וועט זיין פאַרלענדט,
12 און וועסט זאָגן: ווי האָב איך פיינט געהאַט מוסר,
און שטראָף האָט פאַראַכט מיין האַרץ,
13 און איך האָב ניט צוגעהערט דעם קָול פון מיינע וועגווייזער,
און צו מיינע לערער ניט צוגענייגט מיין אויער!
14 איך בין שיר ניט געוואָרן אַלדאָס בייז
אין דער אײַנזאַמלונג און עדה.
15 טרינק וואַסער פון דיין גרוב,
און לויפיקס פון דיין ברונעם.
16 דיינע קוואַלן וועלן זיך צעשפּרייטן דערויסן,
אין די גאַסן—די בעכן וואַסער.
17 דיר אַליין וועלן זיי געהערן,
און ניט צו פרעמדע מיט דיר.
18 זאָל דיין קוואַל זיין געבענטשט,
און פריי זיך מיט דער ווייב פון דיין יוגנט.
19 די ליבלעכע הינדין, און די חֵנעווּדיקע הירשין,
אירע בריסט זאָלן דיך זעטן אין אַלע צייטן,
און צו איר ליבשאַפט זאָלסטו זיין איבערגעגעבן תמיד.
20 און נאָך וואָס, מיין זון, זאָלסטו זיך אָפּגעבן מיט אַ פרעמדער,
און אַרומנעמען דעם בוזעם פון אַן אַנדערער?
21 וואָרום פאַר גאָטס אויגן זיינען די וועגן פון אַ מענטשן,
און אַלע זיינע שטעגן לייגט ער אויס.
22 זיינע אייגענע זינד באַצווינגען דעם רשע,
און אין די שטריק פון זיין חטא ווערט ער פאַרהאַלטן.
23 ער שטאַרבט אָן מוסר;
און דורך זיין גרויס נאַרישקייט ווערט ער פאַרבלאָנדזשעט.

ו

1 מיין זון, אויב דו ביסט עָרֵב געווען פאַר דיין חבר,
געגעבן דיין האַנט פאַר אַ פרעמדן,
2 ביסטו געכאַפּט אין די ווערטער פון דיין מויל,
ביסטו געפאַנגען אין די ווערטער פון דיין מויל.
3 טו דאָס דען, מיין זון, און ווער ניצול,

אַז דו ביסט אַרײַנגעפֿאַלן אין דײַן חברס האַנט:
גײ, וואַרף זיך אַנידער, און שטײ־צו צו דײַן חבר.
4 זאָלסט ניט געבן קײן שלאָף צו דײַנע אויגן,
און קײן שלומער צו דײַנע ברעמען.
5 זײ דיך מציל ווי אַ הירש אויס דער האַנט,
און ווי אַ פֿויגל פֿון פֿאַנגערס האַנט.

6 גײ צו דער מוראַשקע, דו פֿוילער,
זע אירע וועגן, און ווער קלוג;
7 הגם זי האָט ניט קײן פֿירער,
קײן אויפֿזעער און קײן געוועלטיקער,
8 גרײט זי אָן אום זומער איר ברויט,
האָט זי אָנגעקליבן אין שניטצײַט איר שפּײַז.
9 ביז וואַנען, דו פֿוילער, וועסטו ליגן?
ווען וועסטו אויפֿשטײן פֿון דײַן שלאָף?
10 „נאָך אַ ביסל שלאָף, נאָך אַ ביסל דרעמלען,
נאָך אַ ביסל ליגן מיט פֿאַרלײגטע הענט";
11 און קומען ווי אַ גײ־חיל וועט דײַן אָרימקײט,
און דײַן נויט ווי אַ געפּאַנצערטער מאַן.

12 אַ נידערטרעכטיקער מענטש, אַ מאַן פֿון אומרעכט,
איז דער וואָס גײט אום מיט אַ קרומען מויל,
13 וואָס ווינקט מיט זײַנע אויגן, וואָס שאַרט מיט זײַנע פֿיס,
וואָס טײַטלט מיט זײַנע פֿינגער.
14 פֿאַרקערטקײט איז אין זײַן האַרצן,
ער טראַכט בײז אין יעטוועדער צײַט,
קריג מאַכט ער אָן.
15 דרום וועט פּלוצלינג קומען זײַן אומגליק,
פּלוצים וועט ער צעבראָכן ווערן אַז קײן הײלונג וועט
ניט זײַן.

16 זעקס זײַנען די וואָס גאָט האָט פֿײַנט,
און זיבן די אומווערדיקײט פֿון זײַן זעל:
17 האָפֿערדיקע אויגן, אַ ליגנערישע צונג,
און הענט וואָס פֿאַרגיסן אומשולדיק בלוט;
18 אַ האַרץ וואָס טראַכט מחשבות פֿון אומרעכט;
פֿיס וואָס אײַלן צו לויפֿן צום בײזן;
19 אַ פֿאַלשער עדות וואָס אָטעמט מיט ליגנס,
און דער וואָס מאַכט אָן קריג צווישן ברידער.

20 היט, מײַן זון, דאָס געבאָט פֿון דײַן פֿאָטער,
און זאָלסט ניט פֿאַרלאָזן די לער פֿון דײַן מוטער.
21 בינד זײ אויף דײַן האַרצן תּמיד,
קניפּ זײ אויף דײַן האַלדז.
22 אַז דו וועסט גײן, וועט עס דיך פֿירן,
אַז דו וועסט זיך לײגן, וועט עס דיך היטן,
און אַז דו וועסט זיך אויפֿכאַפּן, וועט עס רעדן צו
דיר.
23 וואָרום דאָס געבאָט איז אַ ליכט, און די לערנונג אַ
ליכטיקײט,
און דער וועג פֿון לעבן זײַנען שטראָפֿרײד פֿון
מוסר;
24 דיך צו היטן פֿון דער שלעכטער ווײַבספּאַרשוין,
פֿון דער גלאַטער צונג פֿון דער פֿרעמדער.
25 זאָלסט ניט גלוסטן איר שײנקײט אין דײַן האַרצן,

ד כִּי בָאתָ בְכַף־רֵעֶךָ לֵךְ הִתְרַפֵּס וּרְהַב רֵעֶיךָ: אַל־תִּתֵּן
ה שֵׁנָה לְעֵינֶיךָ וּתְנוּמָה לְעַפְעַפֶּיךָ: הִנָּצֵל כִּצְבִי מִיָּד וּכְצִפּוֹר
ו מִיַּד יָקוּשׁ: לֵךְ אֶל־נְמָלָה עָצֵל רְאֵה דְרָכֶיהָ וַחֲכָם:
ז ח אֲשֶׁר אֵין־לָהּ קָצִין שֹׁטֵר וּמֹשֵׁל: תָּכִין בַּקַּיִץ לַחְמָהּ אָגְרָה
ט בַקָּצִיר מַאֲכָלָהּ: עַד־מָתַי עָצֵל ׀ תִּשְׁכָּב מָתַי תָּקוּם
י מִשְּׁנָתֶךָ: מְעַט שֵׁנוֹת מְעַט תְּנוּמוֹת מְעַט ׀ חִבֻּק יָדַיִם
יא יב לִשְׁכָּב: וּבָא־כִמְהַלֵּךְ רֵאשֶׁךָ וּמַחְסֹרְךָ כְּאִישׁ מָגֵן: אָדָם
יג בְּלִיַּעַל אִישׁ אָוֶן הוֹלֵךְ עִקְּשׁוּת פֶּה: קֹרֵץ בְּעֵינָו מֹלֵל
יד בְּרַגְלָו מֹרֶה בְּאֶצְבְּעֹתָיו: תַּהְפֻּכוֹת ׀ בְּלִבּוֹ חֹרֵשׁ רָע
טו בְּכָל־עֵת מִדְיָנִים יְשַׁלֵּחַ: עַל־כֵּן פִּתְאֹם יָבוֹא אֵידוֹ פֶּתַע
טז יִשָּׁבֵר וְאֵין מַרְפֵּא: שֶׁשׁ־הֵנָּה שָׂנֵא יְהוָה וְשֶׁבַע תּוֹעֲבוֹת
יז נַפְשׁוֹ: עֵינַיִם רָמוֹת לְשׁוֹן שָׁקֶר וְיָדַיִם שֹׁפְכוֹת דָּם־נָקִי:
יח לֵב חֹרֵשׁ מַחְשְׁבוֹת אָוֶן רַגְלַיִם מְמַהֲרוֹת לָרוּץ לָרָעָה:
יט יָפִיחַ כְּזָבִים עֵד שָׁקֶר וּמְשַׁלֵּחַ מְדָנִים בֵּין אַחִים:
כ כא נְצֹר בְּנִי מִצְוַת אָבִיךָ וְאַל־תִּטֹּשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ: קָשְׁרֵם
כב עַל־לִבְּךָ תָמִיד עָנְדֵם עַל־גַּרְגְּרֹתֶךָ: בְּהִתְהַלֶּכְךָ ׀ תַּנְחֶה
כג אֹתָךְ בְּשָׁכְבְּךָ תִּשְׁמֹר עָלֶיךָ וַהֲקִיצוֹתָ הִיא תְשִׂיחֶךָ: כִּי
כד נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר וְדֶרֶךְ חַיִּים תּוֹכְחוֹת מוּסָר: לִשְׁמָרְךָ
כה מֵאֵשֶׁת רָע מֵחֶלְקַת לָשׁוֹן נָכְרִיָּה: אַל־תַּחְמֹד יָפְיָהּ בִּלְבָבֶךָ
כו וְאַל־תִּקָּחֲךָ בְּעַפְעַפֶּיהָ: כִּי בְעַד־אִשָּׁה זוֹנָה עַד־כִּכַּר
כז לָחֶם וְאֵשֶׁת אִישׁ נֶפֶשׁ יְקָרָה תָצוּד: הֲיַחְתֶּה אִישׁ אֵשׁ
כח בְּחֵיקוֹ וּבְגָדָיו לֹא תִשָּׂרַפְנָה: אִם־יְהַלֵּךְ אִישׁ עַל־הַגֶּחָלִים
כט וְרַגְלָיו לֹא תִכָּוֶינָה: כֵּן הַבָּא אֶל־אֵשֶׁת רֵעֵהוּ לֹא יִנָּקֶה
ל כָּל־הַנֹּגֵעַ בָּהּ: לֹא־יָבוּזוּ לַגַּנָּב כִּי יִגְנוֹב לְמַלֵּא נַפְשׁוֹ
לא כִּי יִרְעָב: וְנִמְצָא יְשַׁלֵּם שִׁבְעָתָיִם אֶת־כָּל־הוֹן בֵּיתוֹ יִתֵּן:
לב לג נֹאֵף אִשָּׁה חֲסַר־לֵב מַשְׁחִית נַפְשׁוֹ הוּא יַעֲשֶׂנָּה: נֶגַע
לד וְקָלוֹן יִמְצָא וְחֶרְפָּתוֹ לֹא תִמָּחֶה: כִּי־קִנְאָה חֲמַת־גָּבֶר

יג׳ בעיניו ק׳ ברגליו ק׳ יד׳ מדינים ק׳ טז׳ תועבת קרי כא׳ חסר י׳ כז׳ פתח בס״פ

און זאָל זי דיך ניט נעמען מיט אירע ברעמען.
26 וואָרום איבער אַ זונה קומט מען ביז אַ לעבל ברויט,
און אַן אֵשֶׁת־איש פֿאַנגט די טײַערסטע זעל.
27 קען אַ מענטש שאַרן קוילן אין זײַן בוזעם,
און זײַנע בגדים זאָלן זיך ניט אָנצינדן?
28 צי קען אַ מענטש גײן אויף קוילן,
און זײַנע פֿיס זאָלן ניט אָנגעברענט ווערן?
29 אַזוי איז דער וואָס קומט צו זײַן חברס ווײַב,
קײנער וואָס רירט זי אָן, קומט ניט אָפּ גלאַט.
30 מע קען ניט פֿאַראַכטן דעם גנב אַז ער גנבעט,
אָנצופֿילן זײַן לײַב ווען ער איז הונגעריק.
31 אָבער אַז ער ווערט געפֿונען, באַצאָלט ער זיבן מאָל אַזוי
פֿיל;
דעם גאַנצן פֿאַרמעג פֿון זײַן הויז מוז ער אַוועקגעבן.
32 דער וואָס איז מְנַאֵף מיט אַ פּרוי, איז אָן שׂכל,
זיך אַלײן ברענגט אום דער וואָס טוט דאָס.
33 שלעג און שאַנד וועט ער קריגן,
און זײַן חרפּה וועט ניט אָפּגעמעקט ווערן.
34 וואָרום אײפֿערזוכט איז דער גרימצאָרן פֿון אַ מאַן,

וְלֹא־יַחְמוֹל בְּיוֹם נָקָם׃ לֹא־יִשָּׂא פְּנֵי כָל־כֹּפֶר וְלֹא־יֹאבֶה לה
כִּי תַרְבֶּה־שֹׁחַד׃

ז

בְּנִי שְׁמֹר אֲמָרָי וּמִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ׃ שְׁמֹר מִצְוֹתַי וֶחְיֵה א ב
וְתוֹרָתִי כְּאִישׁוֹן עֵינֶיךָ׃ קָשְׁרֵם עַל־אֶצְבְּעֹתֶיךָ כָּתְבֵם עַל־ ג
לוּחַ לִבֶּךָ׃ אֱמֹר לַחָכְמָה אֲחֹתִי אָתְּ וּמֹדָע לַבִּינָה תִקְרָא׃ ד
לִשְׁמָרְךָ מֵאִשָּׁה זָרָה מִנָּכְרִיָּה אֲמָרֶיהָ הֶחֱלִיקָה׃ כִּי ה ו
בְּחַלּוֹן בֵּיתִי בְּעַד אֶשְׁנַבִּי נִשְׁקָפְתִּי׃ וָאֵרֶא בַפְּתָאיִם אָבִינָה ז
בַבָּנִים נַעַר חֲסַר־לֵב׃ עֹבֵר בַּשּׁוּק אֵצֶל פִּנָּהּ וְדֶרֶךְ בֵּיתָהּ ח
יִצְעָד׃ בְּנֶשֶׁף־בְּעֶרֶב יוֹם בְּאִישׁוֹן לַיְלָה וַאֲפֵלָה׃ וְהִנֵּה ט י
אִשָּׁה לִקְרָאתוֹ שִׁית זוֹנָה וּנְצֻרַת לֵב׃ הֹמִיָּה הִיא וְסֹרָרֶת יא
בְּבֵיתָהּ לֹא־יִשְׁכְּנוּ רַגְלֶיהָ׃ פַּעַם ׀ בַּחוּץ פַּעַם בָּרְחֹבוֹת יב
וְאֵצֶל כָּל־פִּנָּה תֶאֱרֹב׃ וְהֶחֱזִיקָה בּוֹ וְנָשְׁקָה לּוֹ הֵעֵזָה יג
פָנֶיהָ וַתֹּאמַר לוֹ׃ זִבְחֵי שְׁלָמִים עָלָי הַיּוֹם שִׁלַּמְתִּי נְדָרָי׃ יד
עַל־כֵּן יָצָאתִי לִקְרָאתֶךָ לְשַׁחֵר פָּנֶיךָ וָאֶמְצָאֶךָּ׃ מַרְבַדִּים טו טז
רָבַדְתִּי עַרְשִׂי חֲטֻבוֹת אֵטוּן מִצְרָיִם׃ נַפְתִּי מִשְׁכָּבִי מֹר יז
אֲהָלִים וְקִנָּמוֹן׃ לְכָה נִרְוֶה דֹדִים עַד־הַבֹּקֶר נִתְעַלְּסָה יח
בָּאֳהָבִים׃ כִּי אֵין הָאִישׁ בְּבֵיתוֹ הָלַךְ בְּדֶרֶךְ מֵרָחוֹק׃ יט
צְרוֹר־הַכֶּסֶף לָקַח בְּיָדוֹ לְיוֹם הַכֵּסֶא יָבֹא בֵיתוֹ׃ הִטַּתּוּ כ כא
בְּרֹב לִקְחָהּ בְּחֵלֶק שְׂפָתֶיהָ תַּדִּיחֶנּוּ׃ הוֹלֵךְ אַחֲרֶיהָ פִּתְאֹם כב
כְּשׁוֹר אֶל־טָבַח יָבוֹא וּכְעֶכֶס אֶל־מוּסַר אֱוִיל׃ עַד יְפַלַּח כג
חֵץ כְּבֵדוֹ כְּמַהֵר צִפּוֹר אֶל־פָּח וְלֹא־יָדַע כִּי־בְנַפְשׁוֹ הוּא׃
וְעַתָּה בָנִים שִׁמְעוּ־לִי וְהַקְשִׁיבוּ לְאִמְרֵי־פִי׃ אַל־יֵשְׂטְ כד כה
אֶל־דְּרָכֶיהָ לִבֶּךָ אַל־תֵּתַע בִּנְתִיבוֹתֶיהָ׃ כִּי־רַבִּים חֲלָלִים כו
הִפִּילָה וַעֲצֻמִים כָּל־הֲרֻגֶיהָ׃ דַּרְכֵי שְׁאוֹל בֵּיתָהּ יֹרְדוֹת כז
אֶל־חַדְרֵי־מָוֶת׃

ז, ז׳ א נחה    כה׳ בס״א ואל    כו׳ בס״א רַבים

אוּן ער וועט ניט שוינען אין טאָג פוּן נקמה.
35 ער וועט ניט אַכטן קיין אויסלייזגעלט,
אוּן ניט באַוויליקן, ווי דוּ זאָלסט מערן שוחד.

ז 1 מיין זוּן, היט מיינע ווערטער,
אוּן מיינע געבאָט זאָלסטוּ באַהאַלטן ביי דיר.
2 היט מיינע געבאָט, כּדי זאָלסט לעבן,
אוּן מיין לערנוּנג, ווי דעם שוואַרצאַפּל פוּן דיינע אויגן.
3 בינד זיי אָן אויף דיינע פינגער,
שרייב זיי אָן אויף דעם טאָוול פוּן דיין האַרצן.
4 זאָג צוּ דער חכמה: דוּ ביסט מיין שוועסטער;
אוּן פאַרשטאַנדיקייט זאָלסטוּ רוּפן פריינט;
5 כּדי זיי זאָלן דיך באַהיטן פוּן דער פרעמדער פרוי,
פוּן דער אוּמבאַקענטער וואָס מאַכט גלאַט אירע רייד.

6 וואָרוּם דוּרכן פענצטער פוּן מיין הויז,
דוּרך מיין פאָרטקע האָב איך אַרויסגעקוּקט;
7 אוּן איך האָב געזען צווישן די נאַרן,
געמערקט צווישן די יוּנגעלייט,
אַ יוּנג אָן שׂכל,
8 ווי ער גייט פאַרביי אין גאַס לעבן איר ווינקל,
אוּן שפּרייזט אויפן וועג צוּ איר הויז,
9 פאַרנאַכט אין אָוונט פוּן טאָג,
אין טיפער נאַכט אוּן פינצטערניש.
10 ערשט אַ פרוי קוּמט אים אָן אַנטקעגן,
מיט דעם אָנטוּ פוּן אַ זונה, אוּן מיט אַ באַהאַלטענעם האַרצן.
11 רוּישיק איז זי אוּן אויסגעלאַסן,
אירע פיס רוּען ניט אין איר הויז.
12 אַ מאָל אין גאַס, אַ מאָל אויף די מערק,
אוּן ביי אַלע עקן טוּט זי לויערן.
13 אוּן זי נעמט אים אָן, אוּן זי קוּשט אים,
זי פאַרשייט איר פּנים אוּן זאָגט צוּ אים:
14 פרידאָפּפער האָב איך אויף מיר,
היינט באַצאָל איך מיינע נדרים.
15 דרוּם בין איך אַרויס דיר אַנטקעגן,
צוּ זוּכן דיין פּנים, אוּן איך האָב דיך געפוּנען.
16 מיט דעקן האָב איך איבערגעדעקט מיין בעט,
מיט געשטרייפטע געשפּינסן פוּן מִצרַיִם.
17 איך האָב באַשפּריצט מיין געלעגער
מיט מירע, אַלאָע, אוּן צימערינג.
18 קוּם, לאָמיר זיך זעטן מיט ליבע ביזן פרימאָרגן,
לאָמיר זיך קוויקן מיט ליבשאַפט.
19 וואָרוּם מיין מאַן איז ניטאָ אין דער היים,
ער איז אַוועק אויף אַ וויַיטן וועג.
20 דאָס ביַיטל געלט האָט ער מיטגענוּמען מיט זיך,
אין טאָג פוּן האַלבן חודש וועט ער קוּמען אַהיים.
21 זי ציט אים מיט איר פיל איינרעדעניש,
מיט אירע גלאַטע ליפּן פאַרפירט זי אים.
22 ער גייט איר נאָך באַלד,
ווי אַן אָקס וואָס גייט צוּ דער שחיטה,
אוּן ווי אויף אַ קייט צוּ דער שטראָף פוּן דעם נאַרן.
23 ביז אַ פייל שפּאַלט דוּרך זיין לעבער;
ווי אַ פויגל איילט צוּ דער נעץ,
אוּן ווייס ניט אַז עס איז אוּם איר לעבן.

24 אוּן אַצוּנד, קינדער, הערט מיר צוּ,
אוּן פאַרנעמט די ווערטער פוּן מיין מויל.
25 זאָל ניט אָפּקערן צוּ אירע וועגן דיין האַרץ,
זאָלסט ניט פאַרבלאָנדזשען אין אירע שטעגן.
26 וואָרוּם אַ סך דערשלאָגענע האָט זי אַוועקגעלייגט,
אוּן פיל זיינען אירע דערהרגעטע.
27 וועגן צוּ דער אוּנטערערד איז איר הויז,
זיי נידערן אין די קאַמערן פוּן טויט.

## ח

א ב הֲלֹא־חָכְמָה תִקְרָא וּתְבוּנָה תִּתֵּן קוֹלָהּ׃ בְּרֹאשׁ־מְרֹמִים
ג עֲלֵי־דָרֶךְ בֵּית נְתִיבוֹת נִצָּבָה׃ לְיַד־שְׁעָרִים לְפִי־קָרֶת
ד מְבוֹא פְתָחִים תָּרֹנָּה׃ אֲלֵיכֶם אִישִׁים אֶקְרָא וְקוֹלִי אֶל־
ה בְּנֵי אָדָם׃ הָבִינוּ פְתָאיִם עָרְמָה וּכְסִילִים הָבִינוּ לֵב׃
ו ז שִׁמְעוּ כִּי־נְגִידִים אֲדַבֵּר וּמִפְתַּח שְׂפָתַי מֵישָׁרִים׃ כִּי־אֱמֶת
ח יֶהְגֶּה חִכִּי וְתוֹעֲבַת שְׂפָתַי רֶשַׁע׃ בְּצֶדֶק כָּל־אִמְרֵי־פִי
ט אֵין בָּהֶם נִפְתָּל וְעִקֵּשׁ׃ כֻּלָּם נְכֹחִים לַמֵּבִין וִישָׁרִים
י לְמֹצְאֵי דָעַת׃ קְחוּ־מוּסָרִי וְאַל־כָּסֶף וְדַעַת מֵחָרוּץ נִבְחָר׃
יא כִּי־טוֹבָה חָכְמָה מִפְּנִינִים וְכָל־חֲפָצִים לֹא יִשְׁווּ־בָהּ׃
יב יג אֲנִי־חָכְמָה שָׁכַנְתִּי עָרְמָה וְדַעַת מְזִמּוֹת אֶמְצָא׃ יִרְאַת
יְהוָה שְׂנֹאת רָע גֵּאָה וְגָאוֹן ׀ וְדֶרֶךְ רָע וּפִי תַהְפֻּכוֹת שָׂנֵאתִי׃
יד טו לִי־עֵצָה וְתוּשִׁיָּה אֲנִי בִינָה לִי גְבוּרָה׃ בִּי מְלָכִים יִמְלֹכוּ
טז וְרֹזְנִים יְחֹקְקוּ צֶדֶק׃ בִּי שָׂרִים יָשֹׂרוּ וּנְדִיבִים כָּל־שֹׁפְטֵי
יז יח אָרֶץ׃ אֲנִי אֹהֲבַיה אֵהָב וּמְשַׁחֲרַי יִמְצָאֻנְנִי׃ עֹשֶׁר־וְכָבוֹד
יט אִתִּי הוֹן עָתֵק וּצְדָקָה׃ טוֹב פִּרְיִי מֵחָרוּץ וּמִפָּז וּתְבוּאָתִי
כ מִכֶּסֶף נִבְחָר׃ בְּאֹרַח־צְדָקָה אֲהַלֵּךְ בְּתוֹךְ נְתִיבוֹת
כא מִשְׁפָּט׃ לְהַנְחִיל אֹהֲבַי ׀ יֵשׁ וְאֹצְרֹתֵיהֶם אֲמַלֵּא׃
כב כג יְהוָה קָנָנִי רֵאשִׁית דַּרְכּוֹ קֶדֶם מִפְעָלָיו מֵאָז׃ מֵעוֹלָם
כד נִסַּכְתִּי מֵרֹאשׁ מִקַּדְמֵי־אָרֶץ׃ בְּאֵין־תְּהֹמוֹת חוֹלָלְתִּי בְּאֵין
כה מַעְיָנוֹת נִכְבַּדֵּי־מָיִם׃ בְּטֶרֶם הָרִים הָטְבָּעוּ לִפְנֵי גְבָעוֹת
כו חוֹלָלְתִּי׃ עַד־לֹא עָשָׂה אֶרֶץ וְחוּצוֹת וְרֹאשׁ עַפְרוֹת תֵּבֵל׃
כז כח בַּהֲכִינוֹ שָׁמַיִם שָׁם אָנִי בְּחוּקוֹ חוּג עַל־פְּנֵי תְהוֹם׃ בְּאַמְּצוֹ
כט שְׁחָקִים מִמָּעַל בַּעֲזוֹז עִינוֹת תְּהוֹם׃ בְּשׂוּמוֹ לַיָּם ׀ חֻקּוֹ
ל וּמַיִם לֹא יַעַבְרוּ־פִיו בְּחוּקוֹ מוֹסְדֵי אָרֶץ׃ וָאֶהְיֶה אֶצְלוֹ
לא אָמוֹן וָאֶהְיֶה שַׁעֲשֻׁעִים יוֹם ׀ יוֹם מְשַׂחֶקֶת לְפָנָיו בְּכָל־עֵת׃
לב מְשַׂחֶקֶת בְּתֵבֵל אַרְצוֹ וְשַׁעֲשֻׁעַי אֶת־בְּנֵי אָדָם׃

---

ה׳ א׳ נחה   יג׳ בס״א רָע וּפִי תַּהְפֻּכוֹת   טז׳ בס״א צֶדֶק
יז׳ אהבי קרי   כג׳ בס״א מְעוֹלָם

ח

1 פאַרוואָר, די חכמה רופט,
און פאַרשטאַנדיקייט לאָזט אַרויס איר קול.
2 אויפן שפּיץ פון די הויכע ערטער ביים וועג,
ביים צונויפקום פון שטעגן, האָט זי זיך געשטעלט;
3 לעבן די טויערן, ביים אַיינגאַנג פון שטאָט,
ביים אַריינקום אין די טירן שרייט זי אויס:
4 צו אַייך, מענער, רוף איך,
און מיין קול איז צו די מענטשנקינדער.
5 איר פאַרנאַרטע, פאַרשטייט קלוגשאַפט,
און איר נאַרן, קריגט אַ פאַרשטאַנדיק האַרץ!
6 הערט צו, וואָרום געהויבנס וועל איך רעדן,
און די עפענונג פון מיינע ליפּן וועט זיין די ריכטיקייט.
7 וואָרום מיין גומען וועט רעדן אמת,
און שלעכטס איז די אומווערדיקייט פון מיינע ליפּן.
8 מיט גערעכטיקייט זיינען אַלע ווערטער פון מיין מויל
ניטאָ אין זיי פאַרדרייטס און קרומס.
9 זיי אַלע זיינען קלאָר פאַרן פאַרשטאַנדיקן,
און רעכטפאַרטיק פאַר די וואָס געפינען קענשאַפט.
10 נעמט מיין מוסר, און ניט זילבער,
און קענשאַפט איידער געקליבנסטע גאָלד.
11 וואָרום חכמה איז בעסער פון פּערל,
און קיין חפצים זיינען ניט גלייך צו איר.
12 איך חכמה וווין מיט געשייטקייט,
און קענשאַפט פון אַיינפאַלן טו איך געפינען.
13 מורא פאַר גאָט איז פיינט האָבן שלעכטס;
האָפערדיקייט און גאווה, און דעם וועג פון שלעכטס,
און אַ מויל מיט פאַרקערטקייט האָב איך פיינט.
14 איך האָב עצות און בריהשאַפט,
איך בין פאַרשטאַנדיקייט, גבורה איז מיין.
15 דורך מיר קיניגן מלכים,
און פירשטן מאַכן גערעכטע געזעצן.
16 דורך מיר הערשן די הערשער,
און די אַדללייט—אַלע ריכטער פון דער ערד.
17 איך האָב ליב מיינע ליבהאָבער,
און מיינע זוכער געפינען מיך.
18 עשירות און כבוד זיינען ביי מיר,
גרויס גוטס און הצלחה.
19 מיין פרוכט איז בעסער פון גאָלד און פון גינגאָלד,
און מיין אַיינקום פון געקליבנסטן זילבער.
20 אין דעם וועג פון רעכטפאַרטיקייט גיי איך,
אין די שטעגן פון גערעכטיקייט;
21 צו מאַכן אַרבן מיינע ליבהאָבער גוטס,
און זייערע שאַצקאַמערן זאָל איך אָנפילן.

22 גאָט האָט מיך באַשאַפן אין אָנהייב פון זיין וועג,
דאָס ערשטע פון זיינע ווערק לאַנג צוריק.
23 פון אייביק אָן בין איך געפורעמט,
פון אָנהייב, פון איידער די ערד איז געווען.
24 ווען די תהומען זיינען נאָך ניט געווען
בין איך געבאָרן געוואָרן,
ווען ניט געווען נאָך קיין קוואַלן
מיט וואַסער באַלאָדן.
25 איידער די בערג זיינען אַריינגעזעצט געוואָרן,
פאַר די הייכן, בין איך געבאָרן געוואָרן;
26 ווען ער האָט נאָך ניט געהאַט געמאַכט ערד און פעלדער,
און די ערשטע שטויבן פון דער וועלט.
27 ווען ער האָט צוגעגרייט די הימלען, בין איך געווען דערביי;
ווען ער האָט געצייכנט אַ צירקל[א] אויפן געזיכט פון תהום;
28 ווען ער האָט באַפעסטיקט די וואָלקנס פון אויבן,
ווען ער האָט באַוועלטיקט די קוואַלן פון תהום,
29 ווען ער האָט געשטעלט דעם ים זיין געזעץ,
אַז די וואַסערן זאָלן ניט אַריבערגיין זיין ראַנד,
ווען ער האָט באַשטימט די גרונטפעסטן פון דער ערד,
30 האָב איך זיך דערצויגן ביי אים;
און איך בין געווען אַ פרייד טאָגטעגלעך,
זיך געשפילט פאַר אים די גאַנצע צייט;
31 זיך געשפילט אויף זיין ערדישער וועלט,
און מיין פרייד געהאַט ביי די מענטשנקינדער.

[א] וואָרטשפּיל: בְּחֻקּוֹ חוּג.

וְעַתָּה בָנִים שִׁמְעוּ־לִי וְאַשְׁרֵי דְּרָכַי יִשְׁמֹרוּ׃ שִׁמְעוּ מוּסָר לג
וַחֲכָמוּ וְאַל־תִּפְרָעוּ׃ אַשְׁרֵי אָדָם שֹׁמֵעַ לִי לִשְׁקֹד עַל־ לד
דַּלְתֹתַי יוֹם ׀ יוֹם לִשְׁמֹר מְזוּזֹת פְּתָחָי׃ כִּי מֹצְאִי מָצָאי לה
חַיִּים וַיָּפֶק רָצוֹן מֵיְהוָה׃ וְחֹטְאִי חֹמֵס נַפְשׁוֹ כָּל־מְשַׂנְאַי לו
אָהֲבוּ מָוֶת׃

ט

חָכְמוֹת בָּנְתָה בֵיתָהּ חָצְבָה עַמּוּדֶיהָ שִׁבְעָה׃ טָבְחָה א ב
טִבְחָהּ מָסְכָה יֵינָהּ אַף עָרְכָה שֻׁלְחָנָהּ׃ שָׁלְחָה נַעֲרֹתֶיהָ ג
תִקְרָא עַל־גַּפֵּי מְרֹמֵי קָרֶת׃ מִי־פֶתִי יָסֻר הֵנָּה חֲסַר־לֵב ד
אָמְרָה לּוֹ׃ לְכוּ לַחֲמוּ בְלַחְמִי וּשְׁתוּ בְּיַיִן מָסָכְתִּי׃ עִזְבוּ ה ו
פְתָאיִם וִחְיוּ וְאִשְׁרוּ בְּדֶרֶךְ בִּינָה׃ יֹסֵר ׀ לֵץ לֹקֵחַ לוֹ קָלוֹן ז
וּמוֹכִיחַ לְרָשָׁע מוּמוֹ׃ אַל־תּוֹכַח לֵץ פֶּן־יִשְׂנָאֶךָּ הוֹכַח ח
לְחָכָם וְיֶאֱהָבֶךָּ׃ תֵּן לְחָכָם וְיֶחְכַּם־עוֹד הוֹדַע לְצַדִּיק ט
וְיוֹסֶף לֶקַח׃ תְּחִלַּת חָכְמָה יִרְאַת יְהוָה וְדַעַת קְדֹשִׁים י
בִּינָה׃ כִּי־בִי יִרְבּוּ יָמֶיךָ וְיוֹסִיפוּ לְּךָ שְׁנוֹת חַיִּים׃ אִם־ יא יב
חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ וְלַצְתָּ לְבַדְּךָ תִשָּׂא׃ אֵשֶׁת כְּסִילוּת יג
הֹמִיָּה פְּתַיּוּת וּבַל־יָדְעָה מָּה׃ וְיָשְׁבָה לְפֶתַח בֵּיתָהּ עַל־ יד
כִּסֵּא מְרֹמֵי קָרֶת׃ לִקְרֹא לְעֹבְרֵי־דָרֶךְ הַמְיַשְּׁרִים טו
אֹרְחוֹתָם׃ מִי־פֶתִי יָסֻר הֵנָּה וַחֲסַר־לֵב וְאָמְרָה לּוֹ׃ מַיִם טז יז
גְּנוּבִים יִמְתָּקוּ וְלֶחֶם סְתָרִים יִנְעָם׃ וְלֹא־יָדַע כִּי־רְפָאִים יח
שָׁם בְּעִמְקֵי שְׁאוֹל קְרֻאֶיהָ׃

י

מִשְׁלֵי שְׁלֹמֹה בֵּן חָכָם יְשַׂמַּח־אָב וּבֵן כְּסִיל תּוּגַת אִמּוֹ׃ א
לֹא־יוֹעִילוּ אוֹצְרוֹת רֶשַׁע וּצְדָקָה תַּצִּיל מִמָּוֶת׃ לֹא־יַרְעִיב ב ג
יְהוָה נֶפֶשׁ צַדִּיק וְהַוַּת רְשָׁעִים יֶהְדֹּף׃ רָאשׁ עֹשֶׂה כַף־ ד
רְמִיָּה וְיַד חָרוּצִים תַּעֲשִׁיר׃ אֹגֵר בַּקַּיִץ בֵּן מַשְׂכִּיל נִרְדָּם ה
בַּקָּצִיר בֵּן מֵבִישׁ׃ בְּרָכוֹת לְרֹאשׁ צַדִּיק וּפִי רְשָׁעִים יְכַסֶּה ו

ח, לה׳ יחיו י׳ ט, ו׳ א טחה

32 און אַצונד, קינדער, הערט מיר צו,
און וויל צו די וואָס היטן מיינע וועגן.
33 הערט צו מוסר, און ווערט קלוג,
און איר זאָלט ניט פאַרווילדערט ווערן.
34 וויל צו דעם מענטשן וואָס הערט מיר צו,
צו וואַכן בײַ מיינע טירן טאָגטעגלעך,
צו היטן די בײַשטידלען פון מיינע אַיינגאַנגען!
35 וואָרום דער וואָס געפינט מיך, געפינט לעבן,
און קריגט באַווילִיקונג פון גאָט.
36 און דער וואָס פאַרפעלט מיך, באַרויבט זיך אַליין,
אַלע וואָס האָבן מיך פיינט האָבן ליב דעם טויט.

ט

1 חכמה האָט אויפגעבויט איר הויז,
אויסגעהאַקט אירע זיבן זיילן.
2 זי האָט געשאָכטן איר שעכטונג,
געמישט איר וויין, אויך געגרייט איר טיש.
3 זי שיקט אירע מיידלעך, זי רופט
אויף די הויכע ערטער פון שטאָט:
4 ווער עס איז אַ נאַר זאָל פאַרקערן אַהער;
ווו איינער אָן שׂכל זאָגט זי צו אים:
5 קומט עסט פון מיין ברויט,
און טרינקט פון דעם וויין וואָס איך האָב געמישט.
6 פאַרלאָזט נאַרישקייטן, כּדי איר זאָלט לעבן,
און טרעט אין וועג פון פאַרשטאַנדיקייט.—
7 דער וואָס מוסרט דעם שפּעטער נעמט זיך שאַנד[א],
און דער וואָס שטראָפט דעם רשע—טאַדל אויף זיך.
8 זאָלסט ניט שטראָפן דעם שפּעטער, וואָרום ער וועט
דיך פיינט קריגן,
שטראָף דעם קלוגן[ב], און ער וועט דיך ליב קריגן.
9 גיב דעם קלוגן, און ער וועט נאָך קליגער ווערן,
לערן דעם גערעכטן, און ער וועט מערן לערנונג.—
10 דער אָנהייב פון חכמה איז מורא פאַר גאָט,
און די דערקענונג פון דעם הייליקן איז פאַר־
שטאַנדיקייט.
11 וואָרום דורך מיר וועלן געמערט ווערן דיינע טעג,
און יאָרן פון לעבן וועט מען דיר צולייגן.
12 אויב דו ביסט קלוג, ביסטו קלוג פאַר זיך,
און ביסטו אַ שפּעטער, וועסטו אַליין ליידן.

13 די ווייבספּאַרשוין נאַרישקייט ליאַרעמט;
לויטער לייכטזיניקייט און ווייס גאָרנישט.
14 און זי זיצט־בײַם אַיינגאַנג פון איר הויז,
אויף אַ שטול אויף די הויכע ערטער פון שטאָט,
15 צו רופן די פאַרבײַגייער
וואָס גייען אויף זייערע גלייכע וועגן:
16 ווער עס איז אַ נאַר זאָל פאַרקערן אַהער;
און ווו איינער אָן שׂכל זאָגט זי צו אים:
17 געגנבעט וואַסער איז זיס,
און פאַרבאָרגן ברויט איז געשמאַק.
18 און ער ווייס ניט אַז מתים זיינען דאָרטן,
אין די טיפענישן פון אונטערערד זיינען אירע
געסט.

י

1 די שפּריכווערטער פון שלמהן.

אַ זון אַ חכם דערפרייט זיין פאָטער,
און אַ זון אַ נאַר איז דער קומער פון זיין מוטער.

2 אומגערעכטע אוצרות נוצן ניט,
אָבער גערעכטיקייט איז מציל פון טויט.

3 גאָט לאָזט ניט פאַרהונגערן דעם לייב פון דעם צדיק,
און די גערעכטיקייט פון די רשעים פאַרשטויסט ער.

4 אָרים איז דער וואָס אַרבעט מיט אַן אָפּגעלאָזטער האַנט,
און די האַנט פון די פלייסיקע ווערט רייך.

5 אַ קלוגער זון זאַמלט אום זומער,
אַ זון אַ טויגעניכטס שלאָפט אין שניטצייט.

6 ברכות אויפן קאָפּ איז דער צדיק;
און דאָס מויל פון די רשעים פאַרשפּרייט אומרעכט.

[א] וואָרטשפּיל: לֵץ לֹקֵחַ לוֹ קָלוֹן. [ב] וואָרטשפּיל: הוֹכַח לְחָכָם.

ז ח חָמָס׃ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה וְשֵׁם רְשָׁעִים יִרְקָב׃ חֲכַם־
ט לֵב יִקַּח מִצְוֺת וֶאֱוִיל שְׂפָתַיִם יִלָּבֵט׃ הוֹלֵךְ בַּתֹּם יֵלֶךְ
י בֶּטַח וּמְעַקֵּשׁ דְּרָכָיו יִוָּדֵעַ׃ קֹרֵץ עַיִן יִתֵּן עַצָּבֶת וֶאֱוִיל
יא שְׂפָתַיִם יִלָּבֵט׃ מְקוֹר חַיִּים פִּי צַדִּיק וּפִי רְשָׁעִים יְכַסֶּה
יב חָמָס׃ שִׂנְאָה תְּעוֹרֵר מְדָנִים וְעַל כָּל־פְּשָׁעִים תְּכַסֶּה
יג אַהֲבָה׃ בְּשִׂפְתֵי נָבוֹן תִּמָּצֵא חָכְמָה וְשֵׁבֶט לְגֵו חֲסַר־
יד טו לֵב׃ חֲכָמִים יִצְפְּנוּ־דָעַת וּפִי־אֱוִיל מְחִתָּה קְרֹבָה׃ הוֹן
טז עָשִׁיר קִרְיַת עֻזּוֹ מְחִתַּת דַּלִּים רֵישָׁם׃ פְּעֻלַּת צַדִּיק
יז לְחַיִּים תְּבוּאַת רָשָׁע לְחַטָּאת׃ אֹרַח לְחַיִּים שׁוֹמֵר מוּסָר
יח וְעוֹזֵב תּוֹכַחַת מַתְעֶה׃ מְכַסֶּה שִׂנְאָה שִׂפְתֵי־שָׁקֶר וּמוֹצִא
יט דִבָּה הוּא כְסִיל׃ בְּרֹב דְּבָרִים לֹא יֶחְדַּל־פָּשַׁע וְחוֹשֵׂךְ
כ שְׂפָתָיו מַשְׂכִּיל׃ כֶּסֶף נִבְחָר לְשׁוֹן צַדִּיק לֵב רְשָׁעִים
כא כִּמְעָט׃ שִׂפְתֵי צַדִּיק יִרְעוּ רַבִּים וֶאֱוִילִים בַּחֲסַר־לֵב
כב יָמוּתוּ׃ בִּרְכַּת יְהוָה הִיא תַעֲשִׁיר וְלֹא־יוֹסִף עֶצֶב עִמָּהּ׃
כג כד כִּשְׂחוֹק לִכְסִיל עֲשׂוֹת זִמָּה וְחָכְמָה לְאִישׁ תְּבוּנָה׃ מְגוֹרַת
כה רָשָׁע הִיא תְבוֹאֶנּוּ וְתַאֲוַת צַדִּיקִים יִתֵּן׃ כַּעֲבוֹר סוּפָה
כו וְאֵין רָשָׁע וְצַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם׃ כַּחֹמֶץ ׀ לַשִּׁנַּיִם וְכֶעָשָׁן
כז לָעֵינָיִם כֵּן הֶעָצֵל לְשֹׁלְחָיו׃ יִרְאַת יְהוָה תּוֹסִיף יָמִים
כח וּשְׁנוֹת רְשָׁעִים תִּקְצֹרְנָה׃ תּוֹחֶלֶת צַדִּיקִים שִׂמְחָה וְתִקְוַת
כט רְשָׁעִים תֹּאבֵד׃ מָעוֹז לַתֹּם דֶּרֶךְ יְהוָה וּמְחִתָּה לְפֹעֲלֵי
ל אָוֶן׃ צַדִּיק לְעוֹלָם בַּל־יִמּוֹט וּרְשָׁעִים לֹא יִשְׁכְּנוּ־אָרֶץ׃
לא פִּי־צַדִּיק יָנוּב חָכְמָה וּלְשׁוֹן תַּהְפֻּכוֹת תִּכָּרֵת׃ שִׂפְתֵי צַדִּיק
יֵדְעוּן רָצוֹן וּפִי רְשָׁעִים תַּהְפֻּכוֹת׃

## יא

א ב מֹאזְנֵי מִרְמָה תּוֹעֲבַת יְהוָה וְאֶבֶן שְׁלֵמָה רְצוֹנוֹ׃ בָּא
ג זָדוֹן וַיָּבֹא קָלוֹן וְאֶת־צְנוּעִים חָכְמָה׃ תֻּמַּת יְשָׁרִים תַּנְחֵם
ד וְסֶלֶף בֹּגְדִים וְשָׁדֵּם׃ לֹא־יוֹעִיל הוֹן בְּיוֹם עֶבְרָה וּצְדָקָה

יא, ג׳ ישדם קרי

7 די דערמאָנונג פון צדיק איז אַ בענטשונג,
און דער נאָמען פון די רשעים ווערט פאַרפוילט.

8 דער קלוגהאַרציקער נעמט אָן באַפעלן,
און דער ליפּננאַר ווערט געשטרויכלט.

9 דער וואָס גייט מיט ערלעכקייט גייט אין זיכערקייט,
און דער וואָס פאַרדרייט זיינע וועגן ווערט אָנגעלערנט.

10 דער וואָס ווינקט מיטן אויג שאַפט פאַרדראָס,
און דער ליפּננאַר ווערט געשטרויכלט.

11 דאָס מויל פון דעם צדיק איז אַ קוואַל פון לעבן,
און דאָס מויל פון די רשעים פאַרשפּאַרט אומרעכט.

12 שׂנאה וועקט אויף קריג,
און אויף אַלע פאַרברעכן פאַרדעקט ליבשאַפט.

13 אויף די ליפּן פון דעם פאַרשטאַנדיקן געפינט זיך חכמה,
און אַ רוט פאַרן רוקן פון דעם וואָס אָן שׂכל.

14 חכמים באַהאַלטן די קענשאַפט,
אָבער דאָס מויל פון די נאַרן איז אַ נאָנטער בראָך.

15 דער פאַרמעג פון דעם עושר איז זיין באַפעסטיקטע שטאָט,
דער בראָך פון די אָרימע לייט איז זייער דלות.

16 דער לוין פון דעם צדיק איז לעבן,
דער איינקום פון דעם רשע איז זינד.

17 אויפן וועג פון לעבן איז דער וואָס אַכט אויף מוסר,
און דער וואָס פאַרלאָזט שטראָפרייד פאַרבלאָנדזשעט.

18 דער וואָס פאַרדעקט שׂנאה מיט פאַלשע ליפּן,
און דער וואָס פאַרשפּרייט רכילות, ער איז אַ נאַר.

19 ביי פיל ווערטער קען ניט אויסגעמיטן ווערן זינד,
און דער וואָס קאַרגט זיינע ליפּן איז אַ קלוגער.

20 געקליבנסטע זילבער איז די צונג פון דעם צדיק,
דער שׂכל פון די רשעים איז ווינציק וואָס ווערט.

21 די ליפּן פון די צדיקים שפּייזן אַ סך,
אָבער די נאַרן שטאַרבן ווייל זיי פעלט שׂכל.

22 די ברכה פון גאָט, זי מאַכט רייך,
מע דאַרף צומאָל ניט צולייגן מי דערביי.

23 ווי אַ שפּילכל איז ביים נאַרן טאָן אַ נבלה,
און אַ חכמה—ביי אַ מענטשן מיט שׂכל.

24 די שרעקעניש פון דעם רשע, זי וועט קומען אויף אים,
און דעם באַגער פון די צדיקים וועט מען געבן.

25 ווי אַ שטורעם גייט אַריבער, אַזוי איז דער רשע ניטאָ,
אָבער דער צדיק איז אַן אייביקער גרונטפעסט.

26 ווי עסיק פאַר די ציין, און ווי רויך פאַר די אויגן,
אַזוי איז דער פוילער פאַר די וואָס שיקן אים.

27 מורא פאַר גאָט לייגט צו טעג,
און די יאָרן פון די רשעים ווערן געקירצט.

28 די וואַרטעניש פון די צדיקים לאָזט זיך אויס אין פרייד,
און די האָפענונג פון די רשעים וועט אונטערגיין.

29 אַ באַשיצונג פאַר ערלעכקייט איז דער וועג פון גאָט,
אָבער אַ בראָך פאַר די וואָס טוען אומרעכט.

30 דער צדיק וועט זיך קיינמאָל ניט אויסגליטשן,
אָבער די רשעים וועלן ניט בלייבן אין לאַנד.

31 דאָס מויל פון דעם צדיק שפּראָצט מיט חכמה,
און די פאַרקערטע צונג ווערט פאַרשניטן.

32 די ליפּן פון דעם צדיק ווייסן גוטוויליקייט,
און דאָס מויל פון די רשעים—פאַרקערטקייט.

## יא

1 פאַלשע וואָגשאָלן זיינען די אומווערדיקייט פון גאָט,
און אַ פול געוויכט איז זיין רצון.

2 קומט מוטוויליקייט, קומט שאַנד,
אָבער ביי די שטילע איז חכמה.

3 די ערלעכקייט פון די רעכטפאַרטיקע וועט זיי פירן,
און די פאַרדרייטקייט פון די פעלשער וועט זיי פאַרוויסטן.

4 פאַרמעג נוצט ניט אין טאָג פון צאָרן,
אָבער גערעכטיקייט איז מציל פון טויט.

ה תַּצִּיל מִמָּוֶת׃ צִדְקַת תָּמִים תְּיַשֵּׁר דַּרְכּוֹ וּבְרִשְׁעָתוֹ יִפֹּל
ו רָשָׁע׃ צִדְקַת יְשָׁרִים תַּצִּילֵם וּבְהַוַּת בֹּגְדִים יִלָּכֵדוּ׃
ז בְּמוֹת אָדָם רָשָׁע תֹּאבַד תִּקְוָה וְתוֹחֶלֶת אוֹנִים אָבָדָה׃
ח ט צַדִּיק מִצָּרָה נֶחֱלָץ וַיָּבֹא רָשָׁע תַּחְתָּיו׃ בְּפֶה חָנֵף יַשְׁחִת
י רֵעֵהוּ וּבְדַעַת צַדִּיקִים יֵחָלֵצוּ׃ בְּטוּב צַדִּיקִים תַּעֲלֹץ קִרְיָה
יא וּבַאֲבֹד רְשָׁעִים רִנָּה׃ בְּבִרְכַּת יְשָׁרִים תָּרוּם קָרֶת וּבְפִי
יב רְשָׁעִים תֵּהָרֵס׃ בָּז־לְרֵעֵהוּ חֲסַר־לֵב וְאִישׁ תְּבוּנוֹת
יג יַחֲרִישׁ׃ הוֹלֵךְ רָכִיל מְגַלֶּה־סּוֹד וְנֶאֱמַן־רוּחַ מְכַסֶּה דָבָר׃
יד טו בְּאֵין תַּחְבֻּלוֹת יִפָּל־עָם וּתְשׁוּעָה בְּרֹב יוֹעֵץ׃ רַע יֵרוֹעַ
טז כִּי־עָרַב זָר וְשֹׂנֵא תֹקְעִים בּוֹטֵחַ׃ אֵשֶׁת־חֵן תִּתְמֹךְ כָּבוֹד
יז וְעָרִיצִים יִתְמְכוּ־עֹשֶׁר׃ גֹּמֵל נַפְשׁוֹ אִישׁ חָסֶד וְעֹכֵר שְׁאֵרוֹ
יח אַכְזָרִי׃ רָשָׁע עֹשֶׂה פְעֻלַּת־שָׁקֶר וְזֹרֵעַ צְדָקָה שֶׂכֶר אֱמֶת׃
יט כ כֵּן־צְדָקָה לְחַיִּים וּמְרַדֵּף רָעָה לְמוֹתוֹ׃ תּוֹעֲבַת יְהוָה
כא עִקְּשֵׁי־לֵב וּרְצוֹנוֹ תְּמִימֵי דָרֶךְ׃ יָד לְיָד לֹא־יִנָּקֶה רָּע
כב וְזֶרַע צַדִּיקִים נִמְלָט׃ נֶזֶם זָהָב בְּאַף חֲזִיר אִשָּׁה יָפָה
כג וְסָרַת טָעַם׃ תַּאֲוַת צַדִּיקִים אַךְ־טוֹב תִּקְוַת רְשָׁעִים
כד עֶבְרָה׃ יֵשׁ מְפַזֵּר וְנוֹסָף עוֹד וְחוֹשֵׂךְ מִיֹּשֶׁר אַךְ לְמַחְסוֹר׃
כה כו נֶפֶשׁ־בְּרָכָה תְדֻשָּׁן וּמַרְוֶה גַּם־הוּא יוֹרֶא׃ מֹנֵעַ בָּר יִקְּבֻהוּ
כז לְאוֹם וּבְרָכָה לְרֹאשׁ מַשְׁבִּיר׃ שֹׁחֵר טוֹב יְבַקֵּשׁ רָצוֹן
כח וְדֹרֵשׁ רָעָה תְבוֹאֶנּוּ׃ בּוֹטֵחַ בְּעָשְׁרוֹ הוּא יִפֹּל וְכֶעָלֶה
כט צַדִּיקִים יִפְרָחוּ׃ עוֹכֵר בֵּיתוֹ יִנְחַל־רוּחַ וְעֶבֶד אֱוִיל לַחֲכַם־
ל לא לֵב׃ פְּרִי־צַדִּיק עֵץ חַיִּים וְלֹקֵחַ נְפָשׁוֹת חָכָם׃ הֵן צַדִּיק
בָּאָרֶץ יְשֻׁלָּם אַף כִּי־רָשָׁע וְחוֹטֵא׃

יב

א ב אֹהֵב מוּסָר אֹהֵב דָּעַת וְשׂוֹנֵא תוֹכַחַת בָּעַר׃ טוֹב יָפִיק
ג רָצוֹן מֵיְהוָה וְאִישׁ מְזִמּוֹת יַרְשִׁיעַ׃ לֹא־יִכּוֹן אָדָם בְּרֶשַׁע
ד וְשֹׁרֶשׁ צַדִּיקִים בַּל־יִמּוֹט׃ אֵשֶׁת־חַיִל עֲטֶרֶת בַּעְלָהּ וּכְרָקָב

יא, כא׳ הר׳ דגושה כה׳ א׳ במקום ה׳

[5] די גערעכטיקייט פון דעם ערלעכן וועט גלייך מאַכן זיין וועג,
און דורך זיין שלעכטיקייט וועט פאַלן דער שלעכטער.
[6] די גערעכטיקייט פון די רעכטפאַרטיקע איז זיי מציל,
און אין זייער גיריקייט ווערן די פעלשער באַצוווּנגען.
[7] אַז אַ שלעכטער מענטש שטאַרבט, גייט אונטער זיין האָפענונג,
און דער אויסקוק פון די תּקיפים גייט אונטער.
[8] דער צדיק ווערט אַרויסגעצויגן פון אַ צרה,
און דער רשע קומט אָן אויף זיין אָרט.
[9] מיטן מויל וויל דער זינדיקער אומברענגען זיין חבר,
אָבער דורך פאַרשטאַנדיקייט ווערן די צדיקים דער־לייזט.
[10] אַז די צדיקים איז גוט, פרייט זיך די שטאָט,
און אַז די רשעים גייען אונטער איז אַ געזאַנג.
[11] דורך דער ברכה פון די רעכטפאַרטיקע ווערט אַ שטאָט דערהויבן,
און דורך דעם מויל פון די רשעים ווערט זי צעשטערט.
[12] מבזה זיין חבר, איז דער וואָס אָן שׂכל,
אָבער אַ מענטש מיט פאַרשטאַנדיקייט פאַרשווייגט.
[13] דער רכילות־טרייבער זאָגט אויס אַ סוד,
אָבער דער וואָס האָט אַ טריי געמיט פאַרדעקט אַ זאַך.
[14] אָן אַ פירונג פאַלט אַ פאָלק,
און הילף איז דורך פיל יועצים.
[15] שלעכט שניידט מען אָפּ אַז מע איז עָרֵב פאַר אַ פרעמדן,
אָבער דער וואָס האָט פיינט גוטזאָגעניש איז זיכער.
[16] אַ באַחנטע פרוי קריגט כּבוד,
און שטאַרקע קריגן עשירות.
[17] זיך אַליין טוט גוטס דער גענאָדיקער מענטש,
און זיין אייגן לייב פאַראומגליקט דער אַכזר.
[18] דער רשע פאַרדינט פאַלשן לוין,
אָבער דער וואָס זייט גערעכטיקייט–אמתן שׂכר.
[19] פעסטע גערעכטיקייט פירט צום לעבן,
און דער וואָס יאָגט זיך נאָך בייז, [יאָגט זיך] נאָך זיין טויט.

[20] אַן אומווערדיקייט ביי גאָט זיינען קרומהאַרציקע,
און זיין רצון, די וואָס זייער וועג איז ערלעך.
[21] נאַ דיר מיין האַנט! דעם שלעכטן וועט ניט געשאָנקען ווערן,
אָבער דער זאָמען פון די צדיקים ווערט אַנטרונען.
[22] אַ גילדערנער נאָזרינג אויפן נאָז פון אַ חזיר,
איז אַ פרוי וואָס איז שיין נאָר אָפּגעטאָן פון שׂכל.
[23] דער באַגער פון די צדיקים איז רק גוט,
די האָפענונג פון די רשעים איז חוצפּה.
[24] פאַראַן דער וואָס צעטיילט, און עס קומט נאָך צו,
און דער וואָס קאַרגט מער ווי מע דאַרף, בלויז צו פאַרמינערונג.
[25] אַ פרייגעביקע זעל ווערט פעט,
און דער וואָס זעט אָן, ווערט ער אויך געזעט.
[26] דער וואָס האַלט צוריק תּבואה, אים שילט דאָס פאָלק,
אָבער אַ ברכה אויפן קאָפּ פון דעם וואָס פאַרקויפט.
[27] דער וואָס זוכט גוטס, זוכט גוטוויליקייט,
און דער וואָס איז אויסן בייז, וועט עס אים אָנקומען.
[28] דער וואָס פאַרזיכערט זיך אויף זיין עשירות, ער וועט פאַלן,
און ווי אַ בלאַט וועלן שפּראָצן די צדיקים.
[29] דער וואָס פאַראומגליקט זיין הויז, וועט אַרבן ווינט;
און דער נאַר איז אַ קנעכט ביים קלוגהאַרציקן.
[30] די פרוכט פון דעם צדיק איז אַ בוים פון לעבן,
און די הערצער נעמט איין דער חכם.
[31] זע, דער צדיק קריגט באַצאָלט אויף דער ערד,
הייַנט ווי שוין דער רשע און דער זינדיקער!

יב [1] דער וואָס האָט ליב וויסן, האָט ליב מוסר,
אָבער דער פאַרגרעבטער האָט פיינט שטראָף.
[2] דער גוטער קריגט באַוויליקונג פון גאָט,
אָבער דעם מאַן מיט בייזע געדאַנקען פאַרמשפּט ער.
[3] קיין מענטש קען ניט באַשטיין דורך שלעכטס,
אָבער דער וואָרצל פון די צדיקים רירט זיך ניט.
[4] אַן אֵשֶׁת־חַיִל איז די קרוין פון איר מאַן,
און ווי אַ פוילונג אין ווינע ביינער איז אַ טויגעניכטס.

5 די מחשבות פון די צדיקים זיינען גערעכטיקייט,
די תחבולות פון די רשעים זיינען באַטרוג.
6 די רייד פון די רשעים זיינען צו לויערן אויף בלוט,
אָבער דאָס מויל פון די רעכטפאַרטיקע איז זיי מציל.
7 די רשעים ווערן איבערגעקערט, און זיי זיינען ניטאָ,
אָבער דאָס הויז פון די צדיקים וועט באַשטיין.
8 ווּעדליק זיין שׂכל ווערט אַ מענטש געלויבט,
און דער וואָס האָט אַ פאַרדרייט האַרץ, ווערט צו שפּאָט.
9 בעסער דער וואָס איז גרינגגעשאַצט און האָט אַ קנעכט,
איידער דער וואָס שטעלט זיך פאַר אַ נִכבד, און אים
פעלט ברויט.
10 דער גערעכטער קימערט זיך אום דעם לעבן פון זיין
בהמה,
און דאָס האַרץ פון די רשעים איז אומדערבאַרימדיק.
11 דער וואָס באַאַרבעט זיין ערד, האָט ברויט צו זאַט,
און דער וואָס יאָגט זיך נאָך פּוסטע זאַכן, איז אָן שׂכל.
12 דער רשע גלוסט דאָס געפאַנג פון די שלעכטע,
אָבער דער וואָרצל פון די צדיקים ברענגט אַיין.
13 אין אַ פאַרזע פון די ליפּן איז אַ שטרויכלונג פאַרן
שלעכטן,
אָבער דער צדיק קומט אַרויס פון אַ צרה.
14 פון דער פרוכט פון מענטשנס מויל וועט ער זיך זעטן
מיט גוטס,
און די טואונג פון אַ מענטשנס הענט וועט מען אים אומ־
קערן.
15 דער וועג פון דעם נאַרן איז גלייך אין זיינע אויגן,
אָבער דער חכם הערט צו אַן עצה.
16 דעם נאַרנס ערגערניש ווערט באַקאַנט אין אייגענעם
טאָג,
אָבער דער קלוגער פאַרדעקט די שאַנד.
17 דער וואָס אָטעמט מיט אמת, וועט דערווייזן די
ריכטיקייט,
אָבער דער פאַלשער עדות איז אַן אָפּנאַר.
18 פאַראַן דער וואָס פלאַפּלט ווי שטעך פון אַ שווערד,
אָבער די צונג פון די קלוגע איז אַ היילונג.
19 די ליפּ פון אמת וועט באַשטיין אויף אייביק,
אָבער אויף אַ רגע איז די צונג פון ליגן.
20 אָפּגענאַרט ווערט דאָס האַרץ פון די וואָס טראַכטן בייז,
אָבער ביי די וואָס באַראָטן פריד, איז אַ פרייד.
21 דעם צדיק וועט ניט אַיינפאַלן קיין שום אומרעכט,
אָבער די רשעים זיינען פול מיט בייז.
22 אַן אומווערדיקייט ביי גאָט זיינען ליגנערישע ליפּן,
און זיין רצון, די וואָס באַגייען זיך וואָרהאַפטיק.
23 אַ קלוגער מענטש פאַרדעקט די קענשאַפט,
אָבער דאָס האַרץ פון די נאַרן רופט אויס די טיפּשות.
24 די האַנט פון די פלייסיקע וועט געוועלטיקן,
און די אָפּגעלאָזטע וועט ווערן צו צינז.
25 איז דאָ אַ זאָרג אין עמיצנס האַרצן, זאָל מען זי
פאַרדריקן,
וואָרום אַ גוט וואָרט מאַכט זי פריילעך.
26 דער צדיק געפינט אויס פון זיין חבר,
און דער וועג פון די רשעים פאַרפירט זיי.

ה בעצמותיו מבישה: מחשבות צדיקים משפט תחבלות
ו רשעים מרמה: דברי רשעים ארב־דם ופי ישרים
ז ח יצילם: הפוך רשעים ואינם ובית צדיקים יעמד: לפי־
ט שכלו יהלל־איש ונעוה־לב יהיה לבוז: טוב נקלה
י ועבד לו ממתכבד וחסר־לחם: יודע צדיק נפש בהמתו
יא ורחמי רשעים אכזרי: עבד אדמתו ישבע־לחם ומרדף
יב ריקים חסר־לב: חמד רשע מצוד רעים ושרש צדיקים
יג יד יתן: בפשע שפתים מוקש רע ויצא מצרה צדיק: מפרי
טו פי־איש ישבע־טוב וגמול ידי־אדם ישוב לו: דרך אויל
טז ישר בעיניו ושמע לעצה חכם: אויל ביום יודע כעסו
יז וכסה קלון ערום: יפיח אמונה יגיד צדק ועד שקרים
יח מרמה: יש בוטה כמדקרות חרב ולשון חכמים מרפא:
יט כ שפת־אמת תכון לעד ועד־ארגיעה לשון שקר: מרמה
כא בלב־חרשי רע וליעצי שלום שמחה: לא־יאנה לצדיק
כב כל־און ורשעים מלאו רע: תועבת יהוה שפתי־שקר
כג ועשי אמונה רצונו: אדם ערום כסה דעת ולב כסילים
כד יקרא אולת: יד־חרוצים תמשול ורמיה תהיה למס:
כה כו דאגה בלב־איש ישחנה ודבר טוב ישמחנה: יתר
כז מרעהו צדיק ודרך רשעים תתעם: לא־יחרך רמיה
כח צידו והון־אדם יקר חרוץ: בארח צדקה חיים ודרך
נתיבה אל־מות:

יג

א ב בן חכם מוסר אב ולץ לא־שמע גערה: מפרי פי־איש
ג יאכל טוב ונפש בגדים חמס: נצר פיו שמר נפשו
ד פשק שפתיו מחתה־לו: מתאוה ואין נפשו עצל ונפש
ה חרצים תדשן: דבר־שקר ישנא צדיק ורשע יבאיש
ו ויחפיר: צדקה תצר תם־דרך ורשעה תסלף חטאת:

יב, יד׳ ישיב קרי   כב׳ נ״א ועשה   כז׳ נ״א והון אדם יקר
כח׳ ההי רפה

27 דער אָפּגעלאָזטער וועט ניט כאַפּן זיין פאַנג,
און דאָס טייערסטע גוטס פון אַ מענטשן איז פלייסיק זיין.
28 אין דעם שטעג פון גערעכטיקייט איז לעבן,
און אויפן שליאַך פון איר וועג איז ניטאָ קיין טויט.

יג

1 אַ קלוגער זון לאָזט זיך לערנען פון פאָטער,
אָבער דער שפּעטער וויל ניט הערן אַ בייזער.
2 פון דער פרוכט פון זיין מויל עסט אַ מענטש גוטס,
אָבער דער באַגער פון די פעלשער איז אומרעכט.
3 דער וואָס פאַסט אויף זיין מויל, פאַרהיט זיין זעל,
דער וואָס שפּאַרט אויף זיינע ליפּן, אויף אים וועט זיין
אַ בראָך.
4 די זעל פון דעם פוילן גאַרט און האָט גאָרנישט,
אָבער די זעל פון די פלייסיקע וועט ווערן פעט.
5 דער צדיק האָט פיינט אַ פאַלש וואָרט,
און דער רשע פירט זיך מיאוס און שענדלעך.
6 רעכטפאַרטיקייט פאַרהיט דעם וואָס זיין וועג איז ערלעך,
און שלעכטיקייט פאַרדרייט דעם זינדיקן.

יֵשׁ מִתְעַשֵּׁר וְאֵין כֹּל מִתְרוֹשֵׁשׁ וְהוֹן רָב׃ כֹּפֶר נֶפֶשׁ־אִישׁ ז ח
עָשְׁרוֹ וְרָשׁ לֹא־שָׁמַע גְּעָרָה׃ אוֹר־צַדִּיקִים יִשְׂמָח וְנֵר ט
רְשָׁעִים יִדְעָךְ׃ רַק בְּזָדוֹן יִתֵּן מַצָּה וְאֶת־נוֹעָצִים חָכְמָה׃ י
הוֹן מֵהֶבֶל יִמְעָט וְקֹבֵץ עַל־יָד יַרְבֶּה׃ תּוֹחֶלֶת מְמֻשָּׁכָה יא יב
מַחֲלָה־לֵב וְעֵץ חַיִּים תַּאֲוָה בָאָה׃ בָּז לְדָבָר יֵחָבֶל לוֹ יג
וִירֵא מִצְוָה הוּא יְשֻׁלָּם׃ תּוֹרַת חָכָם מְקוֹר חַיִּים לָסוּר יד
מִמֹּקְשֵׁי מָוֶת׃ שֵׂכֶל טוֹב יִתֶּן־חֵן וְדֶרֶךְ בֹּגְדִים אֵיתָן׃ טו
כָּל־עָרוּם יַעֲשֶׂה בְדָעַת וּכְסִיל יִפְרֹשׂ אִוֶּלֶת׃ מַלְאָךְ רָשָׁע טז יז
יִפֹּל בְּרָע וְצִיר אֱמוּנִים מַרְפֵּא׃ רֵישׁ וְקָלוֹן פּוֹרֵעַ מוּסָר יח
וְשׁוֹמֵר תּוֹכַחַת יְכֻבָּד׃ תַּאֲוָה נִהְיָה תֶּעֱרַב לְנָפֶשׁ וְתוֹעֲבַת יט
כְּסִילִים סוּר מֵרָע׃ הֹלֵוךְ אֶת־חֲכָמִים וֶחְכָּם וְרֹעֶה כְסִילִים כ
יֵרוֹעַ׃ חַטָּאִים תְּרַדֵּף רָעָה וְאֶת־צַדִּיקִים יְשַׁלֶּם־טוֹב׃ כא
טוֹב יַנְחִיל בְּנֵי־בָנִים וְצָפוּן לַצַּדִּיק חֵיל חוֹטֶא׃ רָב־אֹכֶל כב כג
נִיר רָאשִׁים וְיֵשׁ נִסְפֶּה בְּלֹא מִשְׁפָּט׃ חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא כד
בְנוֹ וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר׃ צַדִּיק אֹכֵל לְשֹׂבַע נַפְשׁוֹ וּבֶטֶן כה
רְשָׁעִים תֶּחְסָר׃

## יד

חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ׃ הוֹלֵךְ א ב
בְּיָשְׁרוֹ יְרֵא יְהוָה וּנְלוֹז דְּרָכָיו בּוֹזֵהוּ׃ בְּפִי־אֱוִיל חֹטֶר ג
גַּאֲוָה וְשִׂפְתֵי חֲכָמִים תִּשְׁמוּרֵם׃ בְּאֵין אֲלָפִים אֵבוּס בָּר ד
וְרָב־תְּבוּאוֹת בְּכֹחַ שׁוֹר׃ עֵד אֱמוּנִים לֹא יְכַזֵּב וְיָפִיחַ ה
כְּזָבִים עֵד שָׁקֶר׃ בִּקֶּשׁ־לֵץ חָכְמָה וָאָיִן וְדַעַת לְנָבוֹן נָקָל׃ ו
לֵךְ מִנֶּגֶד לְאִישׁ כְּסִיל וּבַל־יָדַעְתָּ שִׂפְתֵי־דָעַת׃ חָכְמַת ז ח
עָרוּם הָבִין דַּרְכּוֹ וְאִוֶּלֶת כְּסִילִים מִרְמָה׃ אֱוִלִים יָלִיץ ט
אָשָׁם וּבֵין יְשָׁרִים רָצוֹן׃ לֵב יוֹדֵעַ מָרַּת נַפְשׁוֹ וּבְשִׂמְחָתוֹ י
לֹא־יִתְעָרַב זָר׃ בֵּית רְשָׁעִים יִשָּׁמֵד וְאֹהֶל יְשָׁרִים יַפְרִיחַ׃ יא
יֵשׁ דֶּרֶךְ יָשָׁר לִפְנֵי־אִישׁ וְאַחֲרִיתָהּ דַּרְכֵי־מָוֶת׃ גַּם־ יב יג

יג, יא׳ נ״א הָוֹן־מֵהָבֶל   כ׳ הלך קרי   יחכם קרי
יד, ד׳ ס רבתי   י׳ הר׳ דגושה

7 פאַראַן דער וואָס שטעלט זיך רייך און האָט גאָרנישט,
דער וואָס שטעלט זיך אָרים בײַ אַ גרויס פאַרמעג.
8 אַן אויסלייז פאַר אַ מענטשנס לעבן איז זײַן עשירות,
אָבער דער אָרימאַן הערט צומאָל ניט קיין אָנגעשריי.
9 די ליכטיקייט פון די צדיקים איז פריילעך,
אָבער דאָס ליכט פון די רשעים לעשט זיך אויס.
10 דורך מוטוויליקייט מאַכט מען בלויז אָן קריג,
אָבער בײַ די איבערלייגטע איז חכמה.
11 אַ רײַכטום פון דער לופט ווערט געמינערט,
אָבער דער וואָס קלײַבט ביסלעכווײַז פאַרמערט.
12 אַ פאַרצויגענע וואַרטעניש מאַכט קראַנק דאָס האַרץ,
און אַ בוים פון לעבן איז אַ באַגער וואָס קומט אָן.
13 דער וואָס פאַראַכט דאָס וואָרט, אים וועט געשען בײז,
אָבער דער וואָס האָט מורא פאַרן געבאָט, ער וועט
באַלוינט ווערן.
14 די לערנונג פון דעם חכם איז אַ קוואַל פון לעבן,
זיך אָפּצוקערן פון די נעצן פון טויט.
15 אַ גוטער שׂכל גיט צו חן,
אָבער דער וועג פון די פעלשער איז האַרט.
16 יעטוועדער קלוגער פירט זיך מיט פאַרשטאַנדיקייט,
אָבער דער נאַר שפּרייט אויס די טיפּשות.
17 אַן אומערלעכער שליח וועט אַרײַנפאַלן אין אַן
אומגליק,
און אַ טרייער געשיקטער איז אַ היילונג.
18 אָרימקייט און שאַנד האָט דער וואָס מיידט אויס מוסר,
און דער וואָס אַכט אויף שטראָף וועט קריגן כּבוד.
19 אַ געבראָכענע תּאווה איז ווויל פאַר דער זעל,
אָבער אַן אומווערדיקייט בײַ נאַרן איז זיך אָפּקערן
פון שלעכטס.
20 דער וואָס גייט אום מיט קלוגע, וועט קלוג ווערן,
און דער וואָס חברט זיך[א] מיט נאַרן, וועט פאַראומ־
גליקט ווערן[א].
21 די זינדיקע יאָגט נאָך דאָס בייז,
און די צדיקים באַצאָלט מען גוטס.
22 דער גוטער לאָזט ירושה פאַר קינדסקינדער,
און באַהאַלטן פאַרן צדיק איז דער פאַרמעג פון דעם
זינדיקן.
23 פיל שפּייז ברענגט דער אַקער פון די אָרימע,
און רײַכטום ווערט אָפּגעטאָן דורך אומגערעכטיקייט.
24 דער וואָס קאַרגט זײַן רוט, האָט פײַנט זײַן זון,
און דער וואָס האָט אים ליב, שטראָפט אים באַצײַטנס.
25 דער צדיק עסט ביז זײַן לייב ווערט זאַט,
און דעם בויך פון די רשעים פעלט אויס.

יד 1 אַ קלוגע ווײַב בויט אויף איר הויז,
און אַ נאַרישטע צעשטערט עס מיט אירע הענט.
2 דער וואָס גייט אין זײַן רעכטפאַרטיקייט, האָט מורא
פאַר גאָט,
און דער וואָס זײַנע וועגן זײַנען פאַרדרייט, פאַראַכט
אים.
3 אין נאַרנס מויל איז אַ שטעקן פאַר זײַן גאווה,
און די ליפּן פון די קלוגע פאַרהיטן זיי.
4 אָן אָקסן איז די קאָריטע ליידיק,
און פיל תּבואה איז אין כּוח פון דעם אָקס.
5 אַ באַגלויבטער עדות נאַרט ניט אָפּ,
און מיט אָפּנאַרענישן אָטעמט דער פאַלשער עדות.
6 דער שפּעטער זוכט חכמה און ניטאָ,
און וויסן איז גרינג דעם פאַרשטאַנדיקן.
7 גיי אַוועק פון אַ מענטשן אַ נאַר,
סײַדן ווילסט ניט קענען פאַרשטאַנדיקע ליפּן.
8 די חכמה פון דעם קלוגן איז אין באַטראַכטן זײַן וועג,
און די טיפּשות פון דעם נאַרן איז אין באַטרוג.
9 בײַ די נאַרן איז זינד אַ פּירשפּרעכער,
און צווישן די רעכטפאַרטיקע–גוטוויליקייט.
10 דאָס האַרץ ווייס איר אייגענע ביטערקייט,
און אין איר שׂמחה קען זיך אַ פרעמדער ניט מישן.
11 דאָס הויז פון די רשעים ווערט פאַרטיליקט,
און דאָס געצעלט פון די רעכטפאַרטיקע בליט.
12 פאַראַן אַ וועג וואָס איז גלײַך בײַם מענטשן,
און זײַן סוף זײַנען וועגן פון טויט.

[א] וואָרטשפּיל: וְרֹעֶה–יֵרוֹעַ.

[13] אַפילו בײם לאַכן טוט װײ דאָס האַרץ,
און דער סוף פון שמחה איז טרויער.

[14] פון זײנע װעגן װעט געזעטיקט װערן דער פאַלש־
האַרציקער,
און דער גוטער מענטש פון װאָס אין אים.

[15] אַ נאַר גלויבט אַלצדינג,
אָבער דער קלוגער באַטראַכט זײן טריט.

[16] דער חכם שײַט זיך, און קערט זיך אָפּ פון שלעכטס,
און דער נאַר נעמט זיך איבער, און איז זיכער.

[17] אַ גיכער כּעסן באַגײט נאַרישקײט,
און אַ מענטש מיט בײזע געדאַנקען װערט פאַרהאַסט.

[18] לײכטזיניקע אַרבן נאַרישקײט,
און קלוגע באַקרײנען זיך מיט קענשאַפט.

[19] די שלעכטע בײגן זיך פאַר די גוטע,
און די רשעים פאַר די טויערן פון צדיק.

[20] אַפילו בײ זײן חבר װערט פאַרהאַסט דער אָרימאַן,
און די גוטע פרײַנט פון עושר זײנען פיל.

[21] דער װאָס איז מבזה זײן חבר, זינדיקט,
און דער װאָס לײטזעליקט די געדריקטע, אַז װויל איז
צו אים!

[22] פאַרװאָר, די װאָס טראַכטן בײז בלאָנדזשען,
און גענאָד און טרײשאַפט פאַר די װאָס טראַכטן גוטס.

[23] אין יעטװעדער אָנשטרענג איז דאָ אַ נוץ,
אָבער ליפּנגערײד איז בלויז צום שאָדן.

[24] אַ קרוין פאַר די חכמים איז זײער עשירות,
די טיפּשות פון די נאַרן בלײבט טיפּשות.

[25] אַן אמתער עדות ראַטעװעט נפשות,
אָבער דער װאָס אָטעמט מיט ליגנס איז אַן אָפּנאַר.

[26] אין מורא פאַר גאָט איז אַ שטאַרקער בטחון,
און פאַר די קינדער װעט עס זײן אַ באַשיצונג.

[27] מורא פאַר גאָט איז אַ קװאַל פון לעבן,
זיך אָפּצוקערן פון די נעצן פון טויט.

[28] אין פיל פאָלק איז די פּראַכט פון דעם מלך,
און אָן פאָלק איז אַ בראָך פאַרן פירשט.

[29] דער װאָס איז אײַנגעהאַלטן אין צאָרן, האָט גרויס פאַר־
שטאַנדיקײט,
און דער װאָס האָט אַ קורץ געמיט, קלײבט אויף
נאַרישקײט.

[30] אַ געזונט פאַרן לײב איז אַ געלאַסן האַרץ,
און אַ פוילונג אין די בײנער איז קנאה.

[31] דער װאָס דריקט דעם אָרימאַן, לעסטערט זײן
באַשעפער,
און דער װאָס דערבאַרימט זיך אויפן אביון, גיט אים
כבוד.

[32] אין זײן אומגליק װערט געשטויסן דער רשע,
אָבער דער צדיק איז באַשיצט ביז אין זײן טויט.

[33] אין האַרצן פון פאַרשטאַנדיקן רוט די חכמה,
אָבער װאָס אינעװײניק בײ די נאַרן װערט באַקאַנט.

[34] גערעכטיקײט דערהײבט אַ פאָלק,
און זינד איז די שאַנד פון אומות.

[35] דעם מלכס גוטװיליקײט איז צום קלוגן קנעכט,
און זײן גרימצאָרן װעט זײן אויפן טויגעניכטס.

יד בִּשְׂחֹק יִכְאַב־לֵב וְאַחֲרִיתָהּ שִׂמְחָה תוּגָה׃ מִדְּרָכָיו
טו יִשְׂבַּע סוּג לֵב וּמֵעָלָיו אִישׁ טוֹב׃ פֶּתִי יַאֲמִין לְכָל־דָּבָר
טז וְעָרוּם יָבִין לַאֲשֻׁרוֹ׃ חָכָם יָרֵא וְסָר מֵרָע וּכְסִיל מִתְעַבֵּר
יז וּבוֹטֵחַ׃ קְצַר־אַפַּיִם יַעֲשֶׂה אִוֶּלֶת וְאִישׁ מְזִמּוֹת יִשָּׂנֵא׃
יח יט נָחֲלוּ פְתָאיִם אִוֶּלֶת וַעֲרוּמִים יַכְתִּרוּ דָעַת׃ שַׁחוּ רָעִים
כ לִפְנֵי טוֹבִים וּרְשָׁעִים עַל־שַׁעֲרֵי צַדִּיק׃ גַּם־לְרֵעֵהוּ יִשָּׂנֵא
כא רָשׁ וְאֹהֲבֵי עָשִׁיר רַבִּים׃ בָּז־לְרֵעֵהוּ חוֹטֵא וּמְחוֹנֵן עֲנָיִים
כב אַשְׁרָיו׃ הֲלוֹא יִתְעוּ חֹרְשֵׁי רָע וְחֶסֶד וֶאֱמֶת חֹרְשֵׁי טוֹב׃
כג בְּכָל־עֶצֶב יִהְיֶה מוֹתָר וּדְבַר שְׂפָתַיִם אַךְ לְמַחְסוֹר׃
כד כה עֲטֶרֶת חֲכָמִים עָשְׁרָם אִוֶּלֶת כְּסִילִים אִוֶּלֶת׃ מַצִּיל נְפָשׁוֹת
כו עֵד אֱמֶת וְיָפִחַ כְּזָבִים מִרְמָה׃ בְּיִרְאַת יְהוָה מִבְטַח־עֹז
כז וּלְבָנָיו יִהְיֶה מַחְסֶה׃ יִרְאַת יְהוָה מְקוֹר חַיִּים לָסוּר
כח מִמֹּקְשֵׁי מָוֶת׃ בְּרָב־עָם הַדְרַת־מֶלֶךְ וּבְאֶפֶס לְאֹם
כט מְחִתַּת רָזוֹן׃ אֶרֶךְ אַפַּיִם רַב־תְּבוּנָה וּקְצַר־רוּחַ מֵרִים
ל אִוֶּלֶת׃ חַיֵּי בְשָׂרִים לֵב מַרְפֵּא וּרְקַב עֲצָמוֹת קִנְאָה׃
לא לב עֹשֵׁק דָּל חֵרֵף עֹשֵׂהוּ וּמְכַבְּדוֹ חֹנֵן אֶבְיוֹן׃ בְּרָעָתוֹ יִדָּחֶה
לג רָשָׁע וְחֹסֶה בְמוֹתוֹ צַדִּיק׃ בְּלֵב נָבוֹן תָּנוּחַ חָכְמָה וּבְקֶרֶב
לד כְּסִילִים תִּוָּדֵעַ׃ צְדָקָה תְרוֹמֵם גּוֹי וְחֶסֶד לְאֻמִּים חַטָּאת׃
לה רְצוֹן־מֶלֶךְ לְעֶבֶד מַשְׂכִּיל וְעֶבְרָתוֹ תִּהְיֶה מֵבִישׁ׃

טו

א ב מַעֲנֶה־רַּךְ יָשִׁיב חֵמָה וּדְבַר־עֶצֶב יַעֲלֶה־אָף׃ לְשׁוֹן
ג חֲכָמִים תֵּיטִיב דָּעַת וּפִי כְסִילִים יַבִּיעַ אִוֶּלֶת׃ בְּכָל־מָקוֹם
ד עֵינֵי יְהוָה צֹפוֹת רָעִים וְטוֹבִים׃ מַרְפֵּא לָשׁוֹן עֵץ חַיִּים
ה וְסֶלֶף בָּהּ שֶׁבֶר בְּרוּחַ׃ אֱוִיל יִנְאַץ מוּסַר אָבִיו וְשֹׁמֵר
ו תּוֹכַחַת יַעְרִם׃ בֵּית צַדִּיק חֹסֶן רָב וּבִתְבוּאַת רָשָׁע
ז נֶעְכָּרֶת׃ שִׂפְתֵי חֲכָמִים יְזָרוּ דָעַת וְלֵב כְּסִילִים לֹא־כֵן׃
ח ט זֶבַח רְשָׁעִים תּוֹעֲבַת יְהוָה וּתְפִלַּת יְשָׁרִים רְצוֹנוֹ׃ תּוֹעֲבַת

יד,יג׳ בס״א ואחריתה שמחה   יח׳ א׳ נחה   כא׳ ענוים ק׳
טו, א׳ ר׳ רנושה

# טו

[1] אַ װײכער ענטפער האַלט אָפּ צאָרן,
און אַ פאַרדראָסיק װאָרט ברענגט אויף כּעס.

[2] די צונג פון די קלוגע איז װױלקענעװדיק,
און דאָס מויל פון נאַרן גאַװערט טיפּשות.

[3] אין יעטװעדער אָרט זײנען די אויגן פון גאָט,
זײ זעען די שלעכטע און די גוטע.

[4] אַ מילדע צונג איז אַ בוים פון לעבן,
און פאַלשקײט אויף איר איז אַ בראָך פאַרן געמיט.

[5] דער נאַר פאַראַכט זײן פאָטערס מוסר,
און דער װאָס אַכט אויף שטראָף איז געשײט.

[6] אין הויז פון דעם צדיק איז גרויס רײַכטום,
און אין אײַנקום פון רשע איז אַ צרה.

[7] די ליפּן פון די קלוגע פאַרשפּרײטן קענשאַפט,
און דער שׂכל פון די נאַרן—ניט ריכטיקס.

[8] דאָס שלאַכטאָפּפער פון די רשעים איז אַן אומװערדי־
קײט בײ גאָט,
און די תּפילה פון רעכטפאַרטיקע איז זײן רצון.

י יְהוָה דֶּרֶךְ רָשָׁע וּמְרַדֵּף צְדָקָה יֶאֱהָב׃ מוּסָר רָע לְעֹזֵב
יא אֹרַח שׂוֹנֵא תוֹכַחַת יָמוּת׃ שְׁאוֹל וַאֲבַדּוֹן נֶגֶד יְהוָה אַף
יב כִּי־לִבּוֹת בְּנֵי־אָדָם׃ לֹא יֶאֱהַב־לֵץ הוֹכֵחַ לוֹ אֶל־חֲכָמִים
יג לֹא יֵלֵךְ׃ לֵב שָׂמֵחַ יֵיטִב פָּנִים וּבְעַצְּבַת־לֵב רוּחַ נְכֵאָה׃
יד טו לֵב נָבוֹן יְבַקֶּשׁ־דָּעַת וּפְנֵי כְסִילִים יִרְעֶה אִוֶּלֶת׃ כָּל־יְמֵי
טז עָנִי רָעִים וְטוֹב־לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד׃ טוֹב־מְעַט בְּיִרְאַת
יז יְהוָה מֵאוֹצָר רָב וּמְהוּמָה בוֹ׃ טוֹב אֲרֻחַת יָרָק וְאַהֲבָה־
יח שָׁם מִשּׁוֹר אָבוּס וְשִׂנְאָה־בוֹ׃ אִישׁ חֵמָה יְגָרֶה מָדוֹן
יט וְאֶרֶךְ אַפַּיִם יַשְׁקִיט רִיב׃ דֶּרֶךְ עָצֵל כִּמְשֻׂכַת חָדֶק וְאֹרַח
כ יְשָׁרִים סְלֻלָה׃ בֵּן חָכָם יְשַׂמַּח־אָב וּכְסִיל אָדָם בּוֹזֶה
כא אִמּוֹ׃ אִוֶּלֶת שִׂמְחָה לַחֲסַר־לֵב וְאִישׁ תְּבוּנָה יְיַשֶּׁר־לָכֶת׃
כב כג הָפֵר מַחֲשָׁבוֹת בְּאֵין סוֹד וּבְרֹב יוֹעֲצִים תָּקוּם׃ שִׂמְחָה
כד לָאִישׁ בְּמַעֲנֵה־פִיו וְדָבָר בְּעִתּוֹ מַה־טּוֹב׃ אֹרַח חַיִּים
כה לְמַעְלָה לְמַשְׂכִּיל לְמַעַן סוּר מִשְּׁאוֹל מָטָּה׃ בֵּית גֵּאִים
כו יִסַּח ׀ יְהוָה וְיַצֵּב גְּבוּל אַלְמָנָה׃ תּוֹעֲבַת יְהוָה מַחְשְׁבוֹת
כז רָע וּטְהֹרִים אִמְרֵי־נֹעַם׃ עֹכֵר בֵּיתוֹ בּוֹצֵעַ בָּצַע וְשׂוֹנֵא
כח מַתָּנֹת יִחְיֶה׃ לֵב צַדִּיק יֶהְגֶּה לַעֲנוֹת וּפִי רְשָׁעִים יַבִּיעַ
כט ל רָעוֹת׃ רָחוֹק יְהוָה מֵרְשָׁעִים וּתְפִלַּת צַדִּיקִים יִשְׁמָע׃
לא מְאוֹר־עֵינַיִם יְשַׂמַּח־לֵב שְׁמוּעָה טוֹבָה תְּדַשֶּׁן־עָצֶם׃ אֹזֶן
לב שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלִין׃ פּוֹרֵעַ מוּסָר
לג מוֹאֵס נַפְשׁוֹ וְשׁוֹמֵעַ תּוֹכַחַת קוֹנֶה לֵּב׃ יִרְאַת יְהוָה מוּסַר
חָכְמָה וְלִפְנֵי כָבוֹד עֲנָוָה׃

## טז

א ב לְאָדָם מַעַרְכֵי־לֵב וּמֵיְהוָה מַעֲנֵה לָשׁוֹן׃ כָּל־דַּרְכֵי־אִישׁ
ג זַךְ בְּעֵינָיו וְתֹכֵן רוּחוֹת יְהוָה׃ גֹּל אֶל־יְהוָה מַעֲשֶׂיךָ וְיִכֹּנוּ
ד מַחְשְׁבֹתֶיךָ׃ כֹּל פָּעַל יְהוָה לַמַּעֲנֵהוּ וְגַם־רָשָׁע לְיוֹם
ה רָעָה׃ תּוֹעֲבַת יְהוָה כָּל־גְּבַהּ־לֵב יָד לְיָד לֹא יִנָּקֶה׃

טו, יד׳ וס׳ קרי

9 אַן אומווערדיקייט בײַ גאָט איז דער וועג פון דעם רשע,
און דעם וואָס יאָגט זיך נאָך גערעכטיקייט האָט ער ליב.

10 אַ בייזע שטראָף איז פאַר דעם וואָס פאַרלאָזט דעם וועג,
דער וואָס האָט פײַנט מוסר וועט שטאַרבן.

11 די אונטערערד און דער אָפּגרונט זײַנען פאַר גאָט,
הײַנט ווי שוין די הערצער פון די מענטשנקינדער!

12 דער שפּעטער האָט ניט ליב מע זאָל אים שטראָפן,
ער וויל ניט גיין צו חכמים.

13 אַ פריילעך האַרץ מונטערט אויף דעם פּנים,
און פון האַרצקלעמעניש ווערט דאָס געמיט דערשלאָגן.

14 דאָס האַרץ פון דעם פאַרשטאַנדיקן זוכט קענשאַפט,
און דאָס מויל פון די נאַרן פיטערט זיך אויף טיפּשות.

15 אַלע טעג פון דעם אָרימאַן זײַנען שלעכטע,
אָבער בײַ דעם וואָס האָט אַ פריילעך האַרץ איז תּמיד
אַ סעודה.

10 בעסער ווינציק מיט גאָטספאָרכטיקייט,
איידער אַ גרויסער אוצר מיט צעטומלטקייט דערבײַ.

17 בעסער אַ מאָלצײַט פון גרינס ווו ליבשאַפט איז דאָ,
איידער אַ געשטאָפּטער אָקס מיט שׂנאה דערבײַ.

18 אַ כּעסן מאַכט אָן שטרייט,
און אַן אײַנגעהאַלטענער אײַן צאָרן שטילט אײַן קריג.

19 דער וועג פון דעם פוילן איז ווי פאַרצאַמט מיט דערנער,
אָבער דער שטעג פון דעם רעכטפאַרטיקן איז אויסגע־
גלײַכט.

20 אַ קלוגער זון דערפרייט דעם פאָטער,
און אַ נאַרישער מענטש איז מבֿזה זײַן מוטער.

21 נאַרישקייט איז אַ פרייד בײַ דעם וואָס פעלט שׂכל,
אָבער אַ מענטש מיט פאַרשטאַנדיקייט גייט גלײַך.

22 אָן באַראָט ווערן טראַכטונגען פאַרשטערט,
און דורך פיל יועצים קומען זיי צו שטאַנד.

23 אַ מענטש האָט פרייד פון דעם ענטפער פון זײַן מויל,
און אַ וואָרט אין דער צײַט—ווי גוט דאָס איז!

24 דער וועג פון לעבן איז אַרויפצו פאַרן קלוגן,
כּדי זיך אָפּצוקערן פון דער אונטערערד אונטן.

25 דאָס הויז פון די שטאָלצע רייסט גאָט אויס,
און ער שטעלט אויף דעם גרענעץ פון דער אַלמנה.

26 אַן אומווערדיקייט בײַ גאָט זײַנען מחשבות פון בייז,
און ריין [בײַ אים] זײַנען ווערטער פון ליבלעכקייט.

27 זײַן הויז פאַראומגליקט דער וואָס איז גײַציק נאָך געווין,
און דער וואָס האָט פײַנט מתּנות וועט לעבן.

28 דאָס האַרץ פון דעם צדיק קלערט־נאָך צו ענטפערן,
און דאָס מויל פון רשעים גאַווערט בייזעניש.

29 ווײַט איז גאָט פון רשעים,
אָבער די תּפילה פון צדיקים הערט ער.

30 אַ ליכט אין די אויגן איז דער וואָס דערפרייט
דאָס האַרץ,
אַ גוטע בשׂורה מאַכט פעט דאָס געביין.

31 דאָס אויער וואָס הערט־צו דעם מוסר פון לעבן,
וועט צווישן די חכמים רוען.

32 דער וואָס מיידט אויס מוסר, פאַראַכט זײַן זעל,
און דער וואָס הערט־צו שטראָף, קריגט שׂכל.

33 מורא פאַר גאָט איז די לערנונג פון חכמה,
און פאַר כּבֿוד קומט עניוות.

## טז

1 דעם מענטשנס זײַנען די צוגרייטענישן פון האַרצן,
אָבער פון גאָט איז דער ענטפער פון דער צונג.

2 אַלע וועגן פון אַ מענטשן זײַנען ריין אין זײַנע אויגן,
אָבער גאָט פאָרשט די געמיטער.

3 לייג אַרויף דײַנע טואונגען אויף גאָט,
און דײַנע מחשבות וועלן צו שטאַנד קומען.

4 אַלץ האָט גאָט געמאַכט פאַר זײַן צוועק,
און אויך דעם רשע פאַרן טאָג פון בייז.

5 אַן אומווערדיקייט בײַ גאָט איז איטלעכער וואָס
האָט אַ האָפערדיק האַרץ;
נאַ דיר מײַן האַנט! אים וועט ניט געשאָנקען ווערן.

6 דורך גענאָד און אמת ווערט זינד פאַרגעבן,
און דורך מורא פאַר גאָט קערט מען זיך אָפּ פון שלעכטס.

7 אַז גאָט באַווילִיקט די וועגן פון אַ מענטשן,
מאַכט ער אַפילו זיינע פיינט שלום מיט אים.

8 בעסער ווייניק דורך גערעכטיקייט,
איידער פיל הכנסות דורך אומרעכט.

9 דעם מענטשנס האַרץ דענקט זיין וועג,
אָבער גאָט לענקט זיין טריט.

10 אַ כּישוף איז אויפן מלכס ליפּן,
זיין מויל פעלשט ניט ביים משפט.

11 ריכטיקע וואָג און וואָגשאָלן זיינען פון גאָט,
זיין ווערק זיינען אַלע וואָגשטיינער פון בייטל.

12 אַן אומווערדיקייט ביי מלכים איז טאָן שלעכטס,
וואָרום דורך גערעכטיקייט באַשטייט דער טראָן.

13 דער רצון פון מלכים איז אויפריכטיקע ליפּן,
און דעם וואָס רעדט די ריכטיקייט האָבן זיי ליב.

14 דער גרימצאָרן פון מלך איז אַ מלאך־המות,
אָבער אַ קלוגער מאַכט שטילט אים איין.

15 אין שיין פון מלכס פנים איז לעבן,
און זיין גוטוויליקייט איז ווי אַ וואָלקן פון שפּעטרעגן.

16 ווי בעסער זיך איינצוקויפן חכמה איידער גאָלד!
און זיך איינצוקויפן שכל איז בילכער ווי זילבער.

17 דער שטעג פון די רעכטפאַרטיקע איז זיך אָפּצוקערן פון שלעכטס,
דער וואָס היט זיין זעל, פּאַסט אויף זיין וועג.

18 פאַר אַ בראָך קומט שטאָלץ,
און פאַר אַן אַנידערפאַל, אַ האָפערדיק געמיט.

19 בעסער אַ נידעריק געמיט צווישן די באַשיידענע,
איידער טיילן רויב מיט די שטאָלצע.

20 דער וואָס אַכט אויף דעם וואָרט, וועט געפינען גוטס,
און דער וואָס פאַרזיכערט זיך אויף גאָט, אַז וויל איז צו אים!

21 מיטן קלוגהאַרציקן טרעפט זיך דער פאַרשטאַנדיקער,
און זיסקייט פון די ליפּן מערט לערנונג.

22 שכל איז אַ קוואַל פון לעבן פאַר דעם וואָס האָט עס,
און נאַרישקייט איז אַ שטראָף פאַרן נאַרן.

23 דאָס האַרץ פון דעם חכם מאַכט קלוג זיין מויל,
און מערט לערנונג אויף זיינע ליפּן.

24 האָניקזאַפט זיינען ליבלעכע רייד,
זיס פאַר דער זעל, און אַ היילונג פאַרן געביין.

25 פאַראַן אַ וועג וואָס איז גלייך ביים מענטשן,
און זיין סוף זיינען וועגן פון טויט.

26 דער הונגער פון אַרבעטער אַרבעט אין אים,
וואָרום זיין מויל טרייבט אים אָן.

27 דער נידערטרעכטיקער מענטש גראָבט אויס בייז,
און אויף זיין ליפּ איז ווי אַ בראַנדפייער.

ו ז בְּחֶסֶד וֶאֱמֶת יְכֻפַּר עָוֺן וּבְיִרְאַת יְהוָה סוּר מֵרָע׃ בִּרְצוֹת
ח יְהוָה דַּרְכֵי־אִישׁ גַּם־אוֹיְבָיו יַשְׁלִם אִתּוֹ׃ טוֹב מְעַט
ט בִּצְדָקָה מֵרֹב תְּבוּאוֹת בְּלֹא מִשְׁפָּט׃ לֵב אָדָם יְחַשֵּׁב
י דַּרְכּוֹ וַיהוָה יָכִין צַעֲדוֹ׃ קֶסֶם ׀ עַל־שִׂפְתֵי־מֶלֶךְ בְּמִשְׁפָּט
יא לֹא יִמְעַל־פִּיו׃ פֶּלֶס וּמֹאזְנֵי מִשְׁפָּט לַיהוָה מַעֲשֵׂהוּ כָּל־
יב אַבְנֵי־כִיס׃ תּוֹעֲבַת מְלָכִים עֲשׂוֹת רֶשַׁע כִּי בִצְדָקָה יִכּוֹן
יג כִּסֵּא׃ רְצוֹן מְלָכִים שִׂפְתֵי־צֶדֶק וְדֹבֵר יְשָׁרִים יֶאֱהָב׃
יד טו חֲמַת־מֶלֶךְ מַלְאֲכֵי־מָוֶת וְאִישׁ חָכָם יְכַפְּרֶנָּה׃ בְּאוֹר־פְּנֵי־
טז מֶלֶךְ חַיִּים וּרְצוֹנוֹ כְּעָב מַלְקוֹשׁ׃ קְנֹה־חָכְמָה מַה־טּוֹב
יז מֵחָרוּץ וּקְנוֹת בִּינָה נִבְחָר מִכָּסֶף׃ מְסִלַּת יְשָׁרִים סוּר
יח מֵרָע שֹׁמֵר נַפְשׁוֹ נֹצֵר דַּרְכּוֹ׃ לִפְנֵי־שֶׁבֶר גָּאוֹן וְלִפְנֵי
יט כִשָּׁלוֹן גֹּבַהּ רוּחַ׃ טוֹב שְׁפַל־רוּחַ אֶת־עֲנָוִים מֵחַלֵּק שָׁלָל
כ אֶת־גֵּאִים׃ מַשְׂכִּיל עַל־דָּבָר יִמְצָא־טוֹב וּבוֹטֵחַ בַּיהוָה
כא אַשְׁרָיו׃ לַחֲכַם־לֵב יִקָּרֵא נָבוֹן וּמֶתֶק שְׂפָתַיִם יֹסִיף לֶקַח׃
כב כג מְקוֹר חַיִּים שֵׂכֶל בְּעָלָיו וּמוּסַר אֱוִלִים אִוֶּלֶת׃ לֵב חָכָם
כד יַשְׂכִּיל פִּיהוּ וְעַל־שְׂפָתָיו יֹסִיף לֶקַח׃ צוּף־דְּבַשׁ אִמְרֵי־
כה נֹעַם מָתוֹק לַנֶּפֶשׁ וּמַרְפֵּא לָעָצֶם׃ יֵשׁ דֶּרֶךְ יָשָׁר לִפְנֵי־
כו אִישׁ וְאַחֲרִיתָהּ דַּרְכֵי־מָוֶת׃ נֶפֶשׁ עָמֵל עָמְלָה לּוֹ כִּי־אָכַף
כז עָלָיו פִּיהוּ׃ אִישׁ בְּלִיַּעַל כֹּרֶה רָעָה וְעַל־שְׂפָתָיו כְּאֵשׁ
כח צָרָבֶת׃ אִישׁ תַּהְפֻּכוֹת יְשַׁלַּח מָדוֹן וְנִרְגָּן מַפְרִיד אַלּוּף׃
כט ל אִישׁ חָמָס יְפַתֶּה רֵעֵהוּ וְהוֹלִיכוֹ בְּדֶרֶךְ לֹא־טוֹב׃ עֹצֶה
לא עֵינָיו לַחְשֹׁב תַּהְפֻּכוֹת קֹרֵץ שְׂפָתָיו כִּלָּה רָעָה׃ עֲטֶרֶת
לב תִּפְאֶרֶת שֵׂיבָה בְּדֶרֶךְ צְדָקָה תִּמָּצֵא׃ טוֹב אֶרֶךְ אַפַּיִם
לג מִגִּבּוֹר וּמֹשֵׁל בְּרוּחוֹ מִלֹּכֵד עִיר׃ בַּחֵיק יוּטַל אֶת־הַגּוֹרָל
וּמֵיְהוָה כָּל־מִשְׁפָּטוֹ׃

## יז

א ב טוֹב פַּת חֲרֵבָה וְשַׁלְוָה־בָהּ מִבַּיִת מָלֵא זִבְחֵי־רִיב׃ עֶבֶד

טז יח׳ חצי הספר בפסוקים יט׳ ענוים קרי כז׳ שפתיו קרי כח׳ נון זעירא
ל׳ כצל ע״פ המסורה ובספרים כלה

28 דער מענטש פון פאַרקערטקייט מאַכט אַן קריג,
און דער אונטערהעצער צעשיידט גוטע פריינט.

29 דער מאַן פון אומרעכט רעדט אָן זיין חבר,
און פירט אים אויפן ניט גוטן וועג.

30 דער וואָס דריקט־צו די אויגן, איז דאָס אויסצוקלערן פאַרקערטקייט;
דער וואָס בייסט די ליפּן, וויל אויספירן שלעכטס.

31 אַ שיינע קרוין איז אַ גראָער קאָפּ;
אויפן וועג פון גערעכטיקייט ווערט זי געפונען.

32 בעסער אַן איינגעהאַלטענער אין צאָרן איידער אַ גיבור,
און דער וואָס געוועלטיקט איבער זיין געמיט, איידער דער וואָס באַצווינגט אַ שטאָט.

33 אין שויס וואַרפט מען דעם גורל,
אָבער פון גאָט איז זיין יעטוועדער באַשייד.

יז 1 בעסער אַ טרוקענער ביסן און שלווה דערביי,
איידער אַ הויז פול מיט פליישסעודות און קריג.

מַשְׂכִּיל יִמְשֹׁל בְּבֵן מֵבִישׁ וּבְתוֹךְ אַחִים יַחֲלֹק נַחֲלָה׃
ג ד מַצְרֵף לַכֶּסֶף וְכוּר לַזָּהָב וּבֹחֵן לִבּוֹת יְהוָה׃ מֵרַע מַקְשִׁיב
ה עַל־שְׂפַת־אָוֶן שֶׁקֶר מֵזִין עַל־לְשׁוֹן הַוֺּת׃ לֹעֵג לָרָשׁ חֵרֵף
ו עֹשֵׂהוּ שָׂמֵחַ לְאֵיד לֹא יִנָּקֶה׃ עֲטֶרֶת זְקֵנִים בְּנֵי בָנִים
ז וְתִפְאֶרֶת בָּנִים אֲבוֹתָם׃ לֹא־נָאוָה לְנָבָל שְׂפַת־יֶתֶר אַף
ח כִּי־לְנָדִיב שְׂפַת־שָׁקֶר׃ אֶבֶן־חֵן הַשֹּׁחַד בְּעֵינֵי בְעָלָיו אֶל־
ט כָּל־אֲשֶׁר יִפְנֶה יַשְׂכִּיל׃ מְכַסֶּה־פֶּשַׁע מְבַקֵּשׁ אַהֲבָה וְשֹׁנֶה
י בְדָבָר מַפְרִיד אַלּוּף׃ תֵּחַת גְּעָרָה בְמֵבִין מֵהַכּוֹת כְּסִיל
יא יב מֵאָה׃ אַךְ־מְרִי יְבַקֶּשׁ־רָע וּמַלְאָךְ אַכְזָרִי יְשֻׁלַּח־בּוֹ׃ פָּגוֹשׁ
יג דֹּב שַׁכּוּל בְּאִישׁ וְאַל־כְּסִיל בְּאִוַּלְתּוֹ׃ מֵשִׁיב רָעָה תַּחַת
יד טוֹבָה לֹא־תָמִישׁ רָעָה מִבֵּיתוֹ׃ פּוֹטֵר מַיִם רֵאשִׁית מָדוֹן
טו וְלִפְנֵי הִתְגַּלַּע הָרִיב נְטוֹשׁ׃ מַצְדִּיק רָשָׁע וּמַרְשִׁיעַ צַדִּיק
טז תּוֹעֲבַת יְהוָה גַּם־שְׁנֵיהֶם׃ לָמָּה־זֶּה מְחִיר בְּיַד־כְּסִיל
יז לִקְנוֹת חָכְמָה וְלֶב־אָיִן׃ בְּכָל־עֵת אֹהֵב הָרֵעַ וְאָח לְצָרָה
יח יִוָּלֵד׃ אָדָם חֲסַר־לֵב תּוֹקֵעַ כָּף עֹרֵב עֲרֻבָּה לִפְנֵי רֵעֵהוּ׃
יט כ אֹהֵב פֶּשַׁע אֹהֵב מַצָּה מַגְבִּיהַּ פִּתְחוֹ מְבַקֶּשׁ־שָׁבֶר׃ עִקֶּשׁ־
כא לֵב לֹא יִמְצָא־טוֹב וְנֶהְפָּךְ בִּלְשׁוֹנוֹ יִפּוֹל בְּרָעָה׃ יֹלֵד
כב כְּסִיל לְתוּגָה לוֹ וְלֹא־יִשְׂמַח אֲבִי נָבָל׃ לֵב שָׂמֵחַ יֵיטִב
כג גֵּהָה וְרוּחַ נְכֵאָה תְּיַבֶּשׁ־גָּרֶם׃ שֹׁחַד מֵחֵק רָשָׁע יִקָּח
כד לְהַטּוֹת אָרְחוֹת מִשְׁפָּט׃ אֶת־פְּנֵי מֵבִין חָכְמָה וְעֵינֵי כְסִיל
כה כו בִּקְצֵה־אָרֶץ׃ כַּעַס לְאָבִיו בֵּן כְּסִיל וּמֶמֶר לְיוֹלַדְתּוֹ׃ גַּם
כז עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא־טוֹב לְהַכּוֹת נְדִיבִים עַל־יֹשֶׁר׃ חוֹשֵׂךְ
כח אֲמָרָיו יוֹדֵעַ דָּעַת וְקַר־רוּחַ אִישׁ תְּבוּנָה׃ גַּם אֱוִיל
מַחֲרִישׁ חָכָם יֵחָשֵׁב אֹטֵם שְׂפָתָיו נָבוֹן׃

## יח

א ב לְתַאֲוָה יְבַקֵּשׁ נִפְרָד בְּכָל־תּוּשִׁיָּה יִתְגַּלָּע׃ לֹא־יַחְפֹּץ
ג כְּסִיל בִּתְבוּנָה כִּי אִם־בְּהִתְגַּלּוֹת לִבּוֹ׃ בְּבוֹא־רָשָׁע בָּא

יז, ז׳ סטל באתנח   י׳ מלעיל   יג׳ חמיש קרי   כז׳ יקר קרי
יח, ב׳ ס״א כִּי אִם־בְּהִתְגַּלּוֹת

2 אַ קלוגער קנעכט געוועלטיקט איבער אַ זון אַ טויגעניכטס,
און צווישן די ברידער קריגט ער אַ חלק ירושה.

3 אַ טיגל פאַר זילבער, און אַ שמעלצאויוון פאַר גאָלד,
אָבער די הערצער פּרוּווט גאָט.

4 דער שלעכטסטוער הערט זיך אַיין צו דער ליפּ פון אומרעכט,
דער ליגנער האָרכט צו דער צונג פון פאַרברעך.

5 דער וואָס שפּאָט פון אַן אָרימאַן, לעסטערט זיין באַשעפער;
דעם וואָס פרייט זיך אויף אַ בראָך, וועט ניט געשאָנקען ווערן.

6 די קרוין פון אַלטע לייט זיינען קינדסקינדער,
און די צירונג פון קינדער זיינען זייערע עלטערן.

7 דעם מנוול פּאַסט ניט די שפּראַך פון ברייטקייט,
נאָך ווינציקער דעם נדבן די שפּראַך פון ליגן.

8 אַ חןדימענט איז שוחד אין די אויגן פון זיין בעלן;
וווהין נאָר מע קערט זיך דערמיט באַגליקט מען.

9 דער וואָס זוכט ליבשאַפט, פאַרדעקט אויף זינד,
און דער וואָס חזרט איבער גערייד, צעשיידט גוטע פריינט.

10 אַ בייזער ווירקט מער אויפן פאַרשטאַנדיקן,
ווי הונדערט קלעפּ אויפן נאַרן.

11 רק דער ווידערשפּעניקער זוכט בייז,
אָבער אַן אומדערבאַרימדיקער שליח וועט אָנגעשיקט ווערן אויף אים.

12 בעסער אַ מענטשן זאָל אָנטרעפן אַ בעריגטע באַרויבט פון אירע יונגע,
אַבי ניט אַ נאַר מיט זיין טיפּשות.

13 דער וואָס קערט אום אַ רעה פאַר אַ טובה,
וועט זיך ניט אָפּטאָן בייז פון זיין הויז.

14 ווי מע לאָזט לויז וואַסער איז דער אָנהייב פון מחלוקות,
דרום, איידער דער קריג ברעכט אויס, לאָז אָפּ.

15 דער וואָס מאַכט גערעכט דעם שולדיקן, און דער וואָס מאַכט שולדיק דעם גערעכטן,
זיי ביידע זיינען אַן אומווערדיקייט ביי גאָט.

16 וואָס טויג געלט אין דעם נאַרנס האַנט
אויף צו קויפן חכמה, אַז קיין שׂכל איז ניטאָ?

17 אין אַלע צייטן איז אַ חבר אַ גוטער פריינט,
אָבער פאַר אַ צרה איז אַ ברודער געבאָרן.

18 אַ מענטש אָן שׂכל איז דער וואָס גיט אַ האַנט,
וואָס איז עָרֵב אַן עָרבות פאַר זיין חבר.

19 דער וואָס האָט ליב קריג, האָט ליב פאַרברעך,
דער וואָס מאַכט הויך זיין טיר, זוכט אַ בראָך.

20 דער וואָס האָט אַ קרום האַרץ, וועט ניט געפינען קיין גוטס,
און דער וואָס דרייט מיט דער צונג, וועט אַריינפאַלן אין בייז.

21 דער וואָס געבערט אַ נאַרן, איז דאָס צו זיין קומער,
און דער פאָטער פון דעם נידערטרעכטיקן האָט ניט קיין נחת.

22 אַ פריילעך האַרץ איז אַ גוטע רפואה,
און אַ דערשלאָגן געמיט טריקנט אויס דאָס געביין.

23 דער רשע נעמט אָן שוחד אויסן בוזעם,
צו פאַרדרייען די וועגן פון גערעכטיקייט.

24 פאַרן פּנים פון פאַרשטאַנדיקן איז די חכמה,
און די אויגן פון דעם נאַרן זיינען אין עק וועלט.

25 אַן ערגערניש פאַר זיין פאָטער איז אַ זון אַ נאַר,
און אַ ביטערניש פאַר זיין געווינערין.

26 קיין גוטס קומט ניט אַרויס פון שטראָפן אויך דעם צדיק,
פון שלאָגן אַדללייט פאַר רעכטפאַרטיקייט.

27 דער וואָס ווייס קענשאַפט, קאַרגט זיינע ווערטער,
אַ מענטש מיט פאַרשטאַנדיקייט איז שפּאָרעוודיק אין געמיט.

28 אַפילו אַ נאַר אַז ער שווייגט ווערט גערעכנט אַ חכם;
דער וואָס מאַכט צו זיינע ליפּן, אַ פאַרשטאַנדיקער.

## יח

1 דער וואָס שיידט זיך אָפּ, איז אויסן זיין ווילן;
ביי יעטוועדער באַראָט וויל ער זיך אַרויסווייזן.

2 דער נאַר וויל ניט פאַרשטאַנדיקייט,
נאָר אַז זיין שׂכל זאָל אַנטפּלעקט ווערן.

ד גַּם־בּוּז וְעִם־קָלוֹן חֶרְפָּה׃ מַיִם עֲמֻקִּים דִּבְרֵי פִי־אִישׁ
ה נַחַל נֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה׃ שְׂאֵת פְּנֵי־רָשָׁע לֹא־טוֹב לְהַטּוֹת
ו צַדִּיק בַּמִּשְׁפָּט׃ שִׂפְתֵי כְסִיל יָבֹאוּ בְרִיב וּפִיו לְמַהֲלֻמוֹת
ז ח יִקְרָא׃ פִּי־כְסִיל מְחִתָּה־לוֹ וּשְׂפָתָיו מוֹקֵשׁ נַפְשׁוֹ׃ דִּבְרֵי
ט נִרְגָּן כְּמִתְלַהֲמִים וְהֵם יָרְדוּ חַדְרֵי־בָטֶן׃ גַּם מִתְרַפֶּה
י בִמְלַאכְתּוֹ אָח הוּא לְבַעַל מַשְׁחִית׃ מִגְדַּל־עֹז
יא שֵׁם יְהוָה בּוֹ־יָרוּץ צַדִּיק וְנִשְׂגָּב׃ הוֹן עָשִׁיר קִרְיַת עֻזּוֹ
יב וּכְחוֹמָה נִשְׂגָּבָה בְּמַשְׂכִּיתוֹ׃ לִפְנֵי־שֶׁבֶר יִגְבַּהּ לֵב־אִישׁ
יג וְלִפְנֵי כָבוֹד עֲנָוָה׃ מֵשִׁיב דָּבָר בְּטֶרֶם יִשְׁמָע אִוֶּלֶת הִיא־
יד לוֹ וּכְלִמָּה׃ רוּחַ אִישׁ יְכַלְכֵּל מַחֲלֵהוּ וְרוּחַ נְכֵאָה מִי
טו יִשָּׂאֶנָּה׃ לֵב נָבוֹן יִקְנֶה־דָּעַת וְאֹזֶן חֲכָמִים תְּבַקֶּשׁ־דָּעַת׃
טז יז מַתָּן אָדָם יַרְחִיב לוֹ וְלִפְנֵי גְדֹלִים יַנְחֶנּוּ׃ צַדִּיק הָרִאשׁוֹן
יח בְּרִיבוֹ יבא־רֵעֵהוּ וַחֲקָרוֹ׃ מִדְיָנִים יַשְׁבִּית הַגּוֹרָל וּבֵין
יט עֲצוּמִים יַפְרִיד׃ אָח נִפְשָׁע מִקִּרְיַת־עֹז וּמדונים כִּבְרִיחַ
כ אַרְמוֹן׃ מִפְּרִי פִי־אִישׁ תִּשְׂבַּע בִּטְנוֹ תְּבוּאַת שְׂפָתָיו
כא כב יִשְׂבָּע׃ מָוֶת וְחַיִּים בְּיַד־לָשׁוֹן וְאֹהֲבֶיהָ יֹאכַל פִּרְיָהּ׃ מָצָא
כג אִשָּׁה מָצָא טוֹב וַיָּפֶק רָצוֹן מֵיְהוָה׃ תַּחֲנוּנִים יְדַבֶּר־רָשׁ
כד וְעָשִׁיר יַעֲנֶה עַזּוֹת׃ אִישׁ רֵעִים לְהִתְרֹעֵעַ וְיֵשׁ אֹהֵב
דָּבֵק מֵאָח׃

יט

א ב טוֹב רָשׁ הוֹלֵךְ בְּתֻמּוֹ מֵעִקֵּשׁ שְׂפָתָיו וְהוּא כְסִיל׃ גַּם
ג בְּלֹא־דַעַת נֶפֶשׁ לֹא־טוֹב וְאָץ בְּרַגְלַיִם חוֹטֵא׃ אִוֶּלֶת אָדָם
ד תְּסַלֵּף דַּרְכּוֹ וְעַל־יְהוָה יִזְעַף לִבּוֹ׃ הוֹן יֹסִיף רֵעִים רַבִּים
ה וְדָל מֵרֵעֵהוּ יִפָּרֵד׃ עֵד שְׁקָרִים לֹא יִנָּקֶה וְיָפִיחַ כְּזָבִים
ו לֹא יִמָּלֵט׃ רַבִּים יְחַלּוּ פְנֵי־נָדִיב וְכָל־הָרֵעַ לְאִישׁ מַתָּן׃
ז כָּל אֲחֵי־רָשׁ ׀ שְׂנֵאֻהוּ אַף כִּי מְרֵעֵהוּ רָחֲקוּ מִמֶּנּוּ מְרַדֵּף
ח אֲמָרִים לא־הֵמָּה׃ קֹנֶה־לֵּב אֹהֵב נַפְשׁוֹ שֹׁמֵר תְּבוּנָה

יח, יז׳ ובא קרי   יט׳ ומדינים קרי   כד׳ סבירין יש   יט, ז׳ קמץ רחב   לו קרי

[3] אַז דער רשע קומט, קומט אויך פאַראַכטונג,
און מיט שענדלעכקייט – שפּאָט.

[4] טיפע וואַסערן זיינען די ווערטער פון אַ מענטשנס מויל,
אַ קוועליקער טייך איז דער ברונעם פון חכמה.

[5] קיין גוטס קומט ניט אַרויס פון שאַנעווען דעם רשע,
כּדי צו קריוודען דעם גערעכטן ביים משפּט.

[6] די ליפּן פון דעם נאַרן קומען מיט קריג,
און זיין מויל רופט צו געשלעג.

[7] דאָס מויל פון דעם נאַרן איז אַ בראָך פאַר אים,
און זיינע ליפּן זיינען אַ נעץ פאַר זיין זעל.

[8] די ווערטער פון דעם אונטערהעצער זיינען ווי גע־
שמאַקע ביסנס,
און זיי נידערן אין די קאַמערן פון לייב.

[9] אויך דער וואָס איז אָפּגעלאָזט אין זיין אַרבעט,
איז אַ ברודער צו אַ מאַן אַן אויסבערענגער.

[10] אַ שטאַרקער טורעם איז דער נאָמען פון גאָט,
צו אים לויפט דער צדיק און ווערט באַשיצט.

[11] דער פאַרמעג פון דעם עושר איז זיין באַפעסטיקטע
שטאָט,
און ווי אין אַ הויכער מויער איז ער אין זיין אַיינבילדעניש.

[12] פאַר אַ בראָך ווערט האָפערדיק דעם מענטשנס האַרץ,
און פאַר כּבוד קומט עניוות.

[13] דער וואָס ענטפערט אַ זאַך איידער ער האָט אויס־
געהערט,
איז דאָס פון אים אַ נאַרישקייט און אַ שאַנד.

[14] אַ מענטשנס געמיט קען אויסהאַלטן זיין קראַנקשאַפט,
אָבער אַ דערשלאָגן געמיט, ווער קען עס אַריבערטראָגן?

[15] דאָס האַרץ פון דעם פאַרשטאַנדיקן קויפט זיך אַיין
קענשאַפט,
און דאָס אויער פון די קלוגע זוכט קענשאַפט.

[16] אַ מענטשנס מתּנה מאַכט פאַר אים אַ וואַרע,
און זי ברענגט אים פאַר גרויסע לייט.

[17] גערעכט איז דער ערשטער אין זיין טענה,
אָבער זיין חבר קומט און פאָרשט אים אויס.

[18] דער גורל מאַכט אויפהערן קריג,
און צווישן די שטרייטער צעשיידט ער.

[19] אַ געקריוודעטן ברודער איז [שווערער צו געווינען]
ווי אַ באַפעסטיקטע שטאָט,
און קריג זיינען ווי ריגלען פון אַ פּאַלאַץ.

[20] פון דער פרוכט פון אַ מענטשנס מויל וועט זיך זעטן זיין
לייב,
פון אַיינקום פון זיינע ליפּן וועט ער זיך זעטן.

[21] טויט און לעבן זיינען אין דער מאַכט פון דער צונג,
און אירע גוטע פריינט וועלן עסן איר פרוכט.

[22] דער וואָס האָט געפונען אַ ווייב, האָט געפונען גוטס,
און קריגט באַוויליקונג פון גאָט.

[23] תּחנונים רעדט דער אָרימאַן,
אָבער דער עושר ענטפערט עזות.

[24] פאַראַן חברים אויף זיך צו פאַראומגליקן[א]
און פאַראַן אַ גוטער פריינט מער צוגעטאָן פון אַ
ברודער.

יט [1] בעסער אַן אָרימאַן וואָס גייט אין זיין ערלעכקייט,
איידער דער וואָס האָט פאַרקרימטע ליפּן, און איז
אַ נאַר.

[2] אויך, פון זיך אַליין ניט קענען, קומט ניט קיין גוטס,
און דער וואָס אײַלט מיט די פיס, זינדיקט.

[3] אַ מענטשנס נאַרישקייט פאַרדרייט זיין וועג,
און אויף גאָט צערנט זיין האַרץ.

[4] רייכטום קריגט־צו פיל גוטע פריינט,
און דער אָרימאַן ווערט צעשיידט פון זיין גוטן פריינט.

[5] אַ פאַלשן עדות וועט ניט געשאָנקען ווערן,
און דער וואָס אָטעמט מיט ליגן, וועט ניט אַנטרונען
ווערן.

[6] פיל זוכן די לייטזעליקייט פון דעם נדבן,
און איטלעכער איז אַ גוטער פריינט דעם געבער.

[7] אַלע ברידער פון דעם אָרימאַן האָבן אים פיינט,
און ווי שוין דערווייטערן זיך פון אים זיינע גוטע
פריינט!
דער וואָס יאָגט זיך אַרום מיט ווערטער
וועט ער ביי זיי בלייבן.

[8] דער וואָס קויפט זיך אַיין שׂכל, האָט ליב זיין זעל,
דער וואָס היט פאַרשטאַנדיקייט, וועט געפינען גוטס.

[א] וואָרטשפּיל: יֵשׁ רֵעִים לְהִתְרוֹעֵעַ.

ט לִמְצֹא־טוֹב׃ עֵד שְׁקָרִים לֹא יִנָּקֶה וְיָפִיחַ כְּזָבִים יֹאבֵד׃
י לֹא־נָאוֶה לִכְסִיל תַּעֲנוּג אַף כִּי־לְעֶבֶד ׀ מְשֹׁל בְּשָׂרִים׃
יא יב שֵׂכֶל אָדָם הֶאֱרִיךְ אַפּוֹ וְתִפְאַרְתּוֹ עֲבֹר עַל־פָּשַׁע׃ נַהַם
יג כַּכְּפִיר זַעַף מֶלֶךְ וּכְטַל עַל־עֵשֶׂב רְצוֹנוֹ׃ הַוֺּת לְאָבִיו בֵּן
יד כְּסִיל וְדֶלֶף טֹרֵד מִדְיְנֵי אִשָּׁה׃ בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת
טו וּמֵיְהוָה אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת׃ עַצְלָה תַּפִּיל תַּרְדֵּמָה וְנֶפֶשׁ
טז רְמִיָּה תִרְעָב׃ שֹׁמֵר מִצְוָה שֹׁמֵר נַפְשׁוֹ בּוֹזֵה דְרָכָיו
יז יח יוּמָת׃ מַלְוֵה יְהוָה חוֹנֵן דָּל וּגְמֻלוֹ יְשַׁלֶּם־לוֹ׃ יַסֵּר בִּנְךָ
יט כִּי־יֵשׁ תִּקְוָה וְאֶל־הֲמִיתוֹ אַל־תִּשָּׂא נַפְשֶׁךָ׃ גְּרָל־חֵמָה
כ נֹשֵׂא עֹנֶשׁ כִּי אִם־תַּצִּיל וְעוֹד תּוֹסִף׃ שְׁמַע עֵצָה וְקַבֵּל
כא מוּסָר לְמַעַן תֶּחְכַּם בְּאַחֲרִיתֶךָ׃ רַבּוֹת מַחֲשָׁבוֹת בְּלֶב־
כב אִישׁ וַעֲצַת יְהוָה הִיא תָקוּם׃ תַּאֲוַת אָדָם חַסְדּוֹ וְטוֹב
כג רָשׁ מֵאִישׁ כָּזָב׃ יִרְאַת יְהוָה לְחַיִּים וְשָׂבֵעַ יָלִין בַּל־יִפָּקֶד
כד רָע׃ טָמַן עָצֵל יָדוֹ בַּצַּלָּחַת גַּם־אֶל־פִּיהוּ לֹא יְשִׁיבֶנָּה׃
כה כו לֵץ תַּכֶּה וּפֶתִי יַעְרִם וְהוֹכִיחַ לְנָבוֹן יָבִין דָּעַת׃ מְשַׁדֶּד־
כז אָב יַבְרִיחַ אֵם בֵּן מֵבִישׁ וּמַחְפִּיר׃ חֲדַל־בְּנִי לִשְׁמֹעַ
כח מוּסָר לִשְׁגוֹת מֵאִמְרֵי־דָעַת׃ עֵד בְּלִיַּעַל יָלִיץ מִשְׁפָּט וּפִי
כט רְשָׁעִים יְבַלַּע־אָוֶן׃ נָכוֹנוּ לַלֵּצִים שְׁפָטִים וּמַהֲלֻמוֹת
לְגֵו כְּסִילִים׃

## כ

א ב לֵץ הַיַּיִן הֹמֶה שֵׁכָר וְכָל־שֹׁגֶה בּוֹ לֹא יֶחְכָּם׃ נַהַם כַּכְּפִיר
ג אֵימַת מֶלֶךְ מִתְעַבְּרוֹ חוֹטֵא נַפְשׁוֹ׃ כָּבוֹד לָאִישׁ שֶׁבֶת
ד מֵרִיב וְכָל־אֱוִיל יִתְגַּלָּע׃ מֵחֹרֶף עָצֵל לֹא־יַחֲרֹשׁ יִשְׁאַל
ה בַּקָּצִיר וָאָיִן׃ מַיִם עֲמֻקִּים עֵצָה בְלֶב־אִישׁ וְאִישׁ תְּבוּנָה
ו יִדְלֶנָּה׃ רָב־אָדָם יִקְרָא אִישׁ חַסְדּוֹ וְאִישׁ אֱמוּנִים מִי
ז ח יִמְצָא׃ מִתְהַלֵּךְ בְּתֻמּוֹ צַדִּיק אַשְׁרֵי בָנָיו אַחֲרָיו׃ מֶלֶךְ
ט יוֹשֵׁב עַל־כִּסֵּא־דִין מְזָרֶה בְעֵינָיו כָּל־רָע׃ מִי־יֹאמַר זִכִּיתִי

יט, טז׳ ימות קרי   יט׳ גדל קרי   כ, ד׳ ושאל קרי

9 אַ פֿאַלשן עדות וועט ניט געשאָנקען ווערן,
און דער וואָס אָטעמט מיט ליגנס, וועט אונטערגיין.

10 תּענוג פּאַסט ניט פֿאַרן נאַרן,
היינט ווי שוין פֿאַר אַ קנעכט צו געוועלטיקן איבער האַרן!

11 דער שׂכל פֿון אַ מענטשן איז אײַנצוהאַלטן זײַן צאָרן,
און אַ צירונג פֿאַר אים איז צו פֿאַרגעבן זינד.

12 אַ ברום ווי פֿון אַ יונגן לייב איז דעם מלכּס צאָרן,
און ווי טוי אויפֿן גראָז זײַן גוטוויליקייט.

13 אַן אומגליק פֿאַר זײַן פֿאָטער איז אַ זון אַ נאַר;
און ווי אַ נודנע טריפֿעניש זײַנען די קריג פֿון אַ ווײַב.

14 הויז און גוטס איז אַ ירושה פֿון עלטערן,
אָבער אַ געראָטענע ווײַב איז פֿון גאָט.

15 פֿוילקייט וואַרפֿט אָן אַ דרעמל,
און אַן אָפּגעלאָזטער נפֿש וועט הונגערן.

16 דער וואָס היט דאָס געבאָט, היט זײַן זעל,
דער וואָס פֿאַרוואָרלאָזט זײַנע וועגן, וועט שטאַרבן.

17 דער וואָס שענקט דעם אָרימאַן, אַנטלײַט גאָט,
און זײַן טובֿה וועט ער אים אומקערן.

18 שטראָף דײַן זון, ווען עס איז נאָך דאָ אַ האָפֿענונג,
אָבער זאָלסט זיך ניט אָנלייגן אים אומצוברענגען.

19 אַ גרויסער כּעסן מוז לײַדן די שטראָף,
וואָרום אַז דו ווילסט אים אַוועקרײַסן, מאַכסטו נאָך ערגער.

20 הער־צו אַן עצה, און נעם אָן מוסר,
כּדי דו זאָלסט קלוג זײַן אין דײַן סוף.

21 פֿיל מחשבֿות זײַנען אין מענטשנס האַרצן,
אָבער גאָטס באַראָט, ער וועט באַשטיין.

22 די תּאווה פֿון אַ מענטשן איז זײַן שאַנד;
און בעסער אַן אָרימאַן איידער אַ כּזבֿן.

23 מורא פֿאַר גאָט פֿירט צום לעבן,
און מע בלײַבט זאַט, און ווערט ניט געשטראָפֿט מיט קיין בייז.

24 אַז דער פֿוילער שטעקט אַרײַן זײַן האַנט אין שיסל,
וויל ער זי צומאָל ניט צוטראָגן צו זײַן מויל.

25 שלאָגסטו דעם שפּעטער, ווערט דער נאַר געשייט,
און מוסרט מען דעם פֿאַרשטענדיקן, לערנט ער וויסן.

26 אַ זון וואָס ברענגט שאַנד און חרפּה,
פֿאַרוויסט זײַן פֿאָטער, פֿאַרטרײַבט זײַן מוטער.

27 הער אויף, מײַן זון, – אויב דו ווילסט פֿאָלגן מוסר –
צו ווײַכן פֿון די ווערטער פֿון קענשאַפֿט.

28 גערעכטיקייט שפּאָט פֿון דעם נידערטרעכטיקן עדות,
און פֿאַלשקייט צעמישט דאָס מויל פֿון די רשעים.

29 אָנגעברייט פֿאַר די שפּעטער זײַנען שטראָפֿן,
און קלעפּ פֿאַרן רוקן פֿון די נאַרן.

## כ

1 אַ שפּעטער איז דער ווײַן, אַ ליאַרעמער דער טראַנק,
און איטלעכער וואָס גיט זיך אָפּ דערמיט, איז ניט קיין חכם.

2 אַ ברום ווי פֿון אַ יונגן לייב איז דעם מלכּס אימה,
דער וואָס דערצערנט אים פֿאַרזינדיקט זײַן לעבן.

3 אַ כּבֿוד פֿאַר אַ מענטשן איז זיך אָפּצוהאַלטן פֿון קריג,
אָבער איטלעכער נאַר ברעכט אַרויס.

4 דער פֿוילער אַקערט ניט אום ווינטער,
און אין שניטצײַט בעטלט ער, און האָט גאָרנישט.

5 אַ טיפֿער וואַסער איז דער מיין אין אַ מענטשנס האַרץ,
אָבער אַ מענטש מיט פֿאַרשטאַנדיקייט שעפּט אים אַרויס.

6 דאָס רובֿ מענטשן רופֿן אויס איטלעכער זײַן גיניציקייט,
אָבער אַ געטרײַען מענטשן ווער קען געפֿינען?

7 אין זײַן ערלעכקייט גייט דער צדיק;
אַז וואויל צו זײַנע קינדער נאָך אים!

8 דער מלך וואָס זיצט אויפֿן טראָן פֿון משפּט,
זיפּט דורך מיט זײַנע אויגן אַלדאָס בייז.

9 ווער קען זאָגן: איך האָב געלייטערט מײַן האַרץ,

איך בין ריין פון מיינע זינד?

10 צווייערליי וואָגשטיינער, צווייערליי מאָסן,
זיי ביידע זיינען אַן אומווערדיקייט ביי גאָט.

11 שוין אַ ייִנגל ווערט דערקענט אָן זיינע מעשׂים,
אויב ריין און אויב רעכטפאַרטיק איז זיין טאָן.

12 דאָס אויער וואָס הערט, און דאָס אויג וואָס זעט,
זיי ביידע האָט גאָט געמאַכט.

13 זאָלסט ניט ליב האָבן שלאָף, כּדי זאָלסט ניט פאַר־
אָרימט ווערן,
האַלט דיינע אויגן אָפן, וועסטו האָבן ברויט צו זאַט.

14 „שלעכט! שלעכט!" זאָגט דער קונה,
און גייט ער אַוועק, דענסמאָל באַרימט ער זיך.

15 פאַראַן גאָלד און פּערל אַ סך,
אָבער די טייערסטע צירונג זיינען ליפּן מיט קענשאַפט.

16 נעם צו זיין בגד, אויב ער איז עָרֵב געווען פאַר
אַן אַנדערן,
און נעם זיין משכּון פאַר דער פרעמדער.

17 זיס איז דעם מענטשן ברויט פון פאַלשקייט,
אָבער דערנאָך ווערט זיין מויל פול מיט זשוויר.

18 געדאַנקען קומען צו שטאַנד דורך אַן עצה,
און מיט תּחבולות פיר מלחמה.

19 אַ רכילות־טרייבער אַנטפּלעקט אַ סוֹד,
און מיט דעם וואָס האָט אָפענע ליפּן זאָלסטו זיך ניט
מישן.

20 דער וואָס שילט זיין פאָטער און זיין מוטער,
וועט זיין ליכט פאַרלאָשן ווערן אין שטאָקפינצטערניש.

21 אַ נחלה וואָס קומט אָן גיך אין אָנהייב,
וועט איר סוֹף זיין ניט געבענטשט.

22 זאָלסט ניט זאָגן: איך וועל אָפּצאָלן שלעכטס;
האָף צו גאָט, און ער וועט דיך העלפן.

23 אַן אומווערדיקייט ביי גאָט איז צווייערליי וואָגשטיינער,
און פון פאַלשע וואָגשאָלן קומט ניט קיין גוטס.

24 פון גאָט זיינען דעם מענטשנס טריט,
און וואָס פאַרשטייט דער מענטש זיין וועג?

25 אַ שטרויכלונג פאַר אַ מענטשן איז זיך אַרויסצורעדן:
הייליק!
און נאָכן נדר איבערצוקלערן.

26 אַ קלוגער מלך ווינטשופלט די רשעים,
און ער קערט אויף זיי דעם דרעשראָד.

27 אַ ליכט פון גאָט איז דעם מענטשנס נשמה,
עס זוכט־דורך אַלע קאַמערן פון לייב.

28 גענאָד און אמת באַהיטן דעם מלך,
און ער האַלט־אויף מיט גענאָד זיין טראָן.

29 די צירונג פון יונגעלייט איז זייער כּוח,
און די שיינקייט פון זקנים איז אַ גראָער קאָפּ.

30 ווונדיקע ביילן זיינען אַ לייטערונג פון בייז,
דעסגלייכן שלעק אינעווייניק אין לייב.

# כא

1 בעכן וואַסער איז דעם מלכס האַרץ אין גאָטס האַנט,
וווהין נאָר ער וויל, נייגט ער עס.

י לִבִּי טִהַרְתִּי מֵחַטָּאתִי׃ אֶבֶן וָאֶבֶן אֵיפָה וְאֵיפָה תּוֹעֲבַת
יא יְהוָה גַּם־שְׁנֵיהֶם׃ גַּם בְּמַעֲלָלָיו יִתְנַכֶּר־נָעַר אִם־זַךְ וְאִם־
יב יָשָׁר פָּעֳלוֹ׃ אֹזֶן שֹׁמַעַת וְעַיִן רֹאָה יְהוָה עָשָׂה גַם־שְׁנֵיהֶם׃
יג יד אַל־תֶּאֱהַב שֵׁנָה פֶּן־תִּוָּרֵשׁ פְּקַח עֵינֶיךָ שְׂבַע־לָחֶם׃ רַע
טו רַע יֹאמַר הַקּוֹנֶה וְאֹזֵל לוֹ אָז יִתְהַלָּל׃ יֵשׁ זָהָב וְרָב־
טז פְּנִינִים וּכְלִי יְקָר שִׂפְתֵי־דָעַת׃ לְקַח־בִּגְדוֹ כִּי־עָרַב זָר
יז וּבְעַד נָכְרִים חַבְלֵהוּ׃ עָרֵב לָאִישׁ לֶחֶם שָׁקֶר וְאַחַר
יח יִמָּלֵא־פִיהוּ חָצָץ׃ מַחֲשָׁבוֹת בְּעֵצָה תִכּוֹן וּבְתַחְבֻּלוֹת
יט עֲשֵׂה מִלְחָמָה׃ גּוֹלֶה סּוֹד הוֹלֵךְ רָכִיל וּלְפֹתֶה שְׂפָתָיו
כ לֹא תִתְעָרָב׃ מְקַלֵּל אָבִיו וְאִמּוֹ יִדְעַךְ נֵרוֹ בֶּאֱישׁוֹן חֹשֶׁךְ׃
כא כב נַחֲלָה מְבֹחֶלֶת בָּרִאשֹׁנָה וְאַחֲרִיתָהּ לֹא תְבֹרָךְ׃ אַל־
כג תֹּאמַר אֲשַׁלְּמָה־רָע קַוֵּה לַיהוָה וְיֹשַׁע לָךְ׃ תּוֹעֲבַת יְהוָה
כד אֶבֶן וָאָבֶן וּמֹאזְנֵי מִרְמָה לֹא־טוֹב׃ מֵיְהוָה מִצְעֲדֵי־גָבֶר
כה וְאָדָם מַה־יָּבִין דַּרְכּוֹ׃ מוֹקֵשׁ אָדָם יָלַע קֹדֶשׁ וְאַחַר
כו נְדָרִים לְבַקֵּר׃ מְזָרֶה רְשָׁעִים מֶלֶךְ חָכָם וַיָּשֶׁב עֲלֵיהֶם
כז כח אוֹפָן׃ נֵר יְהוָה נִשְׁמַת אָדָם חֹפֵשׂ כָּל־חַדְרֵי־בָטֶן׃ חֶסֶד
כט וֶאֱמֶת יִצְּרוּ־מֶלֶךְ וְסָעַד בַּחֶסֶד כִּסְאוֹ׃ תִּפְאֶרֶת בַּחוּרִים
ל כֹּחָם וַהֲדַר זְקֵנִים שֵׂיבָה׃ חַבֻּרוֹת פֶּצַע תַּמְרִיק בְּרָע
וּמַכּוֹת חַדְרֵי־בָטֶן׃

## כא

א פַּלְגֵי־מַיִם לֶב־מֶלֶךְ בְּיַד־יְהוָה עַל־כָּל־אֲשֶׁר יַחְפֹּץ יַטֶּנּוּ׃
ב ג כָּל־דֶּרֶךְ אִישׁ יָשָׁר בְּעֵינָיו וְתֹכֵן לִבּוֹת יְהוָה׃ עֲשֹׂה צְדָקָה
ד וּמִשְׁפָּט נִבְחָר לַיהוָה מִזָּבַח׃ רוּם־עֵינַיִם וּרְחַב־לֵב נִר
ה רְשָׁעִים חַטָּאת׃ מַחְשְׁבוֹת חָרוּץ אַךְ־לְמוֹתָר וְכָל־אָץ אַךְ
ו לְמַחְסוֹר׃ פֹּעַל אֹצָרוֹת בִּלְשׁוֹן שָׁקֶר הֶבֶל נִדָּף מְבַקְשֵׁי־
ז מָוֶת׃ שֹׁד־רְשָׁעִים יְגוֹרֵם כִּי מֵאֲנוּ לַעֲשׂוֹת מִשְׁפָּט׃
ח ט הֲפַכְפַּךְ דֶּרֶךְ אִישׁ וָזָר וְזַךְ יָשָׁר פָּעֳלוֹ׃ טוֹב לָשֶׁבֶת עַל־

כ, טז׳ נכריה קרי   כ׳ יחיד י   כא׳ מבהלת קרי   כב׳ ר דגושה   ל׳ תמרוק קרי
כא, ח׳ ס״א הפכפך דרך

2 יעטוועדער וועג פון מענטשן איז גלייך אין זיינע
אויגן,
אָבער גאָט פאָרשט די הערצער.

3 טאָן גערעכטיקייט און רעכט
איז בילכער ביי גאָט ווי אַ שלאַכטאָפּפער.

4 האָפּערדיקע אויגן און אַ שטאָלץ האַרץ
איז דער זינדיקער אַקער פון די רשעים.

5 די געדאַנקען פון פלייסיקן פירן רק צו שֶׁפע,
און איטלעכער וואָס איז אַיליק – רק צו פאַרמי־
נערונג.

6 אוצרות געמאַכט דורך אַ פאַלשער צונג זיינען אַוועק־
געבלאָזענער הויך;
די וואָס [זוכן זיי] זוכן דעם טויט.

7 דער רויב פון די רשעים שלעפּט זיי אַוועק,
ווייל זיי ווילן ניט טאָן קיין גערעכטיקייט.

8 פאַרקערט איז דעם מענטשנס וועג און פרעמד,
אָבער דער ריינער, זיין טאָן איז רעכטפאַרטיק.

9 בעסער וווינען אויף אַ ווינקל דאַך,

י פִּנַּת־גָּג מֵאֵשֶׁת מִדְוָנִים וּבֵית חָבֶר׃ נֶפֶשׁ רָשָׁע אִוְּתָה־
יא רָע לֹא־יֻחַן בְּעֵינָיו רֵעֵהוּ׃ בַּעֲנָשׁ־לֵץ יֶחְכַּם־פֶּתִי וּבְהַשְׂכִּיל
יב לְחָכָם יִקַּח־דָּעַת׃ מַשְׂכִּיל צַדִּיק לְבֵית רָשָׁע מְסַלֵּף
יג רְשָׁעִים לָרָע׃ אֹטֵם אָזְנוֹ מִזַּעֲקַת־דָּל גַּם־הוּא יִקְרָא וְלֹא
יד יֵעָנֶה׃ מַתָּן בַּסֵּתֶר יִכְפֶּה־אָף וְשֹׁחַד בַּחֵק חֵמָה עַזָּה׃
טו טז שִׂמְחָה לַצַּדִּיק עֲשׂוֹת מִשְׁפָּט וּמְחִתָּה לְפֹעֲלֵי אָוֶן׃ אָדָם
יז תּוֹעֶה מִדֶּרֶךְ הַשְׂכֵּל בִּקְהַל רְפָאִים יָנוּחַ׃ אִישׁ מַחְסוֹר
יח אֹהֵב שִׂמְחָה אֹהֵב יַיִן־וָשֶׁמֶן לֹא יַעֲשִׁיר׃ כֹּפֶר לַצַּדִּיק
יט רָשָׁע וְתַחַת יְשָׁרִים בּוֹגֵד׃ טוֹב שֶׁבֶת בְּאֶרֶץ־מִדְבָּר
כ מֵאֵשֶׁת מִדְוָנִים וָכָעַס׃ אוֹצָר ׀ נֶחְמָד וָשֶׁמֶן בִּנְוֵה חָכָם
כא וּכְסִיל אָדָם יְבַלְּעֶנּוּ׃ רֹדֵף צְדָקָה וָחָסֶד יִמְצָא חַיִּים
כב צְדָקָה וְכָבוֹד׃ עִיר גִּבֹּרִים עָלָה חָכָם וַיֹּרֶד עֹז
כג כד מִבְטֶחָה׃ שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שֹׁמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ׃ זֵד יָהִיר
כה לֵץ שְׁמוֹ עוֹשֶׂה בְּעֶבְרַת זָדוֹן׃ תַּאֲוַת עָצֵל תְּמִיתֶנּוּ כִּי־
כו מֵאֲנוּ יָדָיו לַעֲשׂוֹת׃ כָּל־הַיּוֹם הִתְאַוָּה תַאֲוָה וְצַדִּיק יִתֵּן
כז וְלֹא יַחְשֹׂךְ׃ זֶבַח רְשָׁעִים תּוֹעֵבָה אַף כִּי־בְזִמָּה יְבִיאֶנּוּ׃
כח כט עֵד־כְּזָבִים יֹאבֵד וְאִישׁ שׁוֹמֵעַ לָנֶצַח יְדַבֵּר׃ הֵעֵז אִישׁ
ל רָשָׁע בְּפָנָיו וְיָשָׁר הוּא ׀ יָכִין דַּרְכּוֹ׃ אֵין חָכְמָה וְאֵין
לא תְּבוּנָה וְאֵין עֵצָה לְנֶגֶד יְהוָה׃ סוּס מוּכָן לְיוֹם מִלְחָמָה
וְלַיהוָה הַתְּשׁוּעָה׃

כב

א ב נִבְחָר שֵׁם מֵעֹשֶׁר רָב מִכֶּסֶף וּמִזָּהָב חֵן טוֹב׃ עָשִׁיר
ג וָרָשׁ נִפְגָּשׁוּ עֹשֵׂה כֻלָּם יְהוָה׃ עָרוּם ׀ רָאָה רָעָה וְיִסְתָּר
ד וּפְתָיִים עָבְרוּ וְנֶעֱנָשׁוּ׃ עֵקֶב עֲנָוָה יִרְאַת יְהוָה עֹשֶׁר וְכָבוֹד
ה וְחַיִּים׃ צִנִּים פַּחִים בְּדֶרֶךְ עִקֵּשׁ שׁוֹמֵר נַפְשׁוֹ יִרְחַק מֵהֶם׃
ו חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל־פִּי דַרְכּוֹ גַּם כִּי־יַזְקִין לֹא־יָסוּר מִמֶּנָּה׃
ז ח עָשִׁיר בְּרָשִׁים יִמְשׁוֹל וְעֶבֶד לֹוֶה לְאִישׁ מַלְוֶה׃ זוֹרֵעַ

כא, ט׳ יט׳ מדינים קרי   י׳ ר׳ רטשה נב ס״א אותה רע
כב׳ דה וסה   כט׳ יבין קרי   זוס קרי כ ב, ג׳ ונסתר קרי

איידער אין איין הויז מיט אַ ווייב אַ קריגערין.

10 די זעל פון דעם רשע גלוסט בייז,
זיין חבר ווערט ניט געלייטזעליקט אין זיינע אויגן.

11 אַז מע שטראָפט דעם שפּעטער, ווערט דער נאַר קלוג;
און אַז מע לערנט דעם קלוגן, קריגט ער קענשאַפט.

12 אַז דער צדיק האָט אַיינזעעניש מיטן רשעס הויז,
פאַרפירט ער די רשעים צום בייזן.

13 דער וואָס פאַרשטאָפּט זיין אויער פאַר דעם אָרימאַנס
געשריי,
וועט ער אויך רופן, און ניט געענטפערט ווערן.

14 אַ מתּנה פאַרבאָרגענערהייט פאַרבייגט דעם כּעס,
און שוחד אין בוזעם, דעם שטאַרקסטן גרימצאָרן.

15 אַ פרייד פאַרן צדיק איז טאָן גערעכטיקייט,
און אַ שרעק פאַר די וואָס טוען אומרעכט.

16 אַ מענטש וואָס בלאָנדזשעט פון דעם וועג פון קלוג־
שאַפט,
וועט רוען אין דעם געזעמל פון מתים.

17 דער וואָס האָט ליב ווױלטאָג, ווערט אַן אָרימאַן,
דער וואָס האָט ליב וויין און אייל, ווערט ניט רייך.

18 אַן אויסלייז פאַר דעם צדיק איז דער רשע,
און אָנשטאָט די רעכטפאַרטיקע קומט דער פעלשער.

19 בעסער צו וווינען אין אַ מדבר־לאַנד,
איידער מיט אַ ווייב אַ קריגערין אין ערגערניש.

20 אַ גלוסטיקער אוצר און אייל איז אין דער וווינונג פון
דעם חכם,
אָבער דער נאַרישער מענטש שלינגט עס אַיין.

21 דער וואָס יאָגט זיך נאָך גערעכטיקייט[א] און גענאָד,
געפינט לעבן, הצלחה[א], און כבוד.

22 דער חכם קומט אויף אַ שטאָט פון גיבורים,
און מאַכט נידערן איר זיכערע פעסטונג.

23 דער וואָס היט זיין מויל און זיין צונג,
היט פון צרות זיין זעל.

24 דער מוטוויליקער בעל־גאווה, זיין נאָמען איז שפּעטער—
דער וואָס פירט זיך מיט מוטוויליקער חוצפּה.

25 די תּאווה פון דעם פוילן טייט אים אַוועק,
ווייל זיינע הענט ווילן ניט אַרבעטן.

26 אַ גאַנצן טאָג באַגערט דער געריקער,
אָבער דער צדיק גיט און הערט ניט אויף.

27 דאָס שלאַכטאָפּפער פון די רשעים איז אַן אומ־
ווערדיקייט,
הייַנט ווי נאָך אַז מע ברענגט עס מיט אַ בייזער מחשבה!

28 אַ פאַלשער עדות ווערט צעמישט,
אָבער דער מענטש וואָס האָט געהערט, רעדט מיט
פעסטקייט.

29 דער שלעכטער מענטש גייט מיט אַ פאַרשייט פּנים,
אָבער דער רעכטפאַרטיקער, ער פאַסט אויף זיין וועג.

30 ניטאָ קיין חכמה און קיין פאַרשטאַנדיקייט
און קיין עצה אַקעגן גאָט.

31 דער פערד ווערט צוגעגרייט פאַר דעם טאָג פון
מלחמה,
אָבער די ישועה איז פון גאָט.

[א] ווערטשפּיל: צְדָקָה, אין צוויי באַטייטן.

# כב

1 אַ נאָמען איז בעסער פון גרויס עשירות,
אַ גוטער חן, פון זילבער און פון גאָלד.

2 רייך און אָרים שטויסן זיך אָן איינאַנדער,
אָבער זיי ביידן האָט גאָט באַשאַפן.

3 דער קלוגער זעט, און פאַרבאַרגט זיך,
און די נאַרן גייען ווייטער, און ווערן געשטראָפט.

4 דער לוין פון עניוות – פון מורא פאַר גאָט,
איז עשירות, און כבוד, און לעבן.

5 דערנער און נעצן זיינען אויפן וועג פון דעם קרומען,
דער וואָס היט זיין זעל, זאָל זיך דערווייטערן פון זיי.

6 געוויין דעם ייִנגל אויף זיין וועג;
אַפילו אַז ער וועט אַלט ווערן, וועט ער זיך ניט אָפּקערן
דערפון.

7 דער עושר געוועלטיקט איבער די אָרימע,
און דער לייער איז אַ קנעכט ביים מַלוֶה.

ט עַוְלָה יִקְצָור־אָוֶן וְשֵׁבֶט עֶבְרָתוֹ יִכְלֶה׃ טוֹב עַיִן הוּא
י יְבֹרָךְ כִּי־נָתַן מִלַּחְמוֹ לַדָּל׃ גָּרֵשׁ לֵץ וְיֵצֵא מָדוֹן וְיִשְׁבֹּת
יא יב דִּין וְקָלוֹן׃ אֹהֵב טְהוֹר־לֵב חֵן שְׂפָתָיו רֵעֵהוּ מֶלֶךְ׃ עֵינֵי
יג יְהוָה נָצְרוּ דָעַת וַיְסַלֵּף דִּבְרֵי בֹגֵד׃ אָמַר עָצֵל אֲרִי
יד בַחוּץ בְּתוֹךְ רְחֹבוֹת אֵרָצֵחַ׃ שׁוּחָה עֲמֻקָּה פִּי זָרוֹת זְעוּם
טו יְהוָה יִפּוֹל־שָׁם׃ אִוֶּלֶת קְשׁוּרָה בְלֶב־נָעַר שֵׁבֶט מוּסָר
טז יַרְחִיקֶנָּה מִמֶּנּוּ׃ עֹשֵׁק דָּל לְהַרְבּוֹת לוֹ נֹתֵן לְעָשִׁיר אַךְ
יז לְמַחְסוֹר׃ הַט אָזְנְךָ וּשְׁמַע דִּבְרֵי חֲכָמִים וְלִבְּךָ תָּשִׁית
יח לְדַעְתִּי׃ כִּי־נָעִים כִּי־תִשְׁמְרֵם בְּבִטְנֶךָ יִכֹּנוּ יַחְדָּו עַל־
יט שְׂפָתֶיךָ׃ לִהְיוֹת בַּיהוָה מִבְטַחֶךָ הוֹדַעְתִּיךָ הַיּוֹם אַף־
כ כא אָתָּה׃ הֲלֹא כָתַבְתִּי לְךָ שָׁלִשׁוֹם בְּמֹעֵצוֹת וָדָעַת׃ לְהוֹדִיעֲךָ
קֹשְׁטְ אִמְרֵי אֱמֶת לְהָשִׁיב אֲמָרִים אֱמֶת לְשֹׁלְחֶיךָ׃
כב כג אַל־תִּגְזָל־דָּל כִּי דַל־הוּא וְאַל־תְּדַכֵּא עָנִי בַשָּׁעַר׃ כִּי־
כד יְהוָה יָרִיב רִיבָם וְקָבַע אֶת־קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ׃ אַל־תִּתְרַע
כה אֶת־בַּעַל אָף וְאֶת־אִישׁ חֵמוֹת לֹא תָבוֹא׃ פֶּן־תֶּאֱלַף
כו אֹרְחֹתָו וְלָקַחְתָּ מוֹקֵשׁ לְנַפְשֶׁךָ׃ אַל־תְּהִי בְתֹקְעֵי־כָף
כז בַּעֹרְבִים מַשָּׁאוֹת׃ אִם־אֵין־לְךָ לְשַׁלֵּם לָמָּה יִקַּח מִשְׁכָּבְךָ
כח כט מִתַּחְתֶּיךָ׃ אַל־תַּסֵּג גְּבוּל עוֹלָם אֲשֶׁר עָשׂוּ אֲבוֹתֶיךָ׃ חָזִיתָ
אִישׁ ׀ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ לִפְנֵי־מְלָכִים יִתְיַצָּב בַּל־יִתְיַצֵּב
לִפְנֵי חֲשֻׁכִּים׃

## כג

א כִּי־תֵשֵׁב לִלְחוֹם אֶת־מוֹשֵׁל בִּין תָּבִין אֶת־אֲשֶׁר לְפָנֶיךָ׃
ב ג וְשַׂמְתָּ שַׂכִּין בְּלֹעֶךָ אִם־בַּעַל נֶפֶשׁ אָתָּה׃ אַל־תִּתְאָו
ד לְמַטְעַמּוֹתָיו וְהוּא לֶחֶם כְּזָבִים׃ אַל־תִּיגַע לְהַעֲשִׁיר
ה מִבִּינָתְךָ חֲדָל׃ הֲתָעִוף עֵינֶיךָ בּוֹ וְאֵינֶנּוּ כִּי עָשֹׂה יַעֲשֶׂה־
ו לוֹ כְנָפַיִם כְּנֶשֶׁר וְעָיף הַשָּׁמָיִם׃ אַל־תִּלְחַם אֶת־לֶחֶם
ז רַע עָיִן וְאַל־תִּתְאָו לְמַטְעַמֹּתָיו׃ כִּי ׀ כְּמוֹ־שָׁעַר בְּנַפְשׁוֹ

כב, ח׳ יא׳ יד׳ יתיר ו׳ כ׳ שלשים קרי כה׳ ארחתו קרי
כג, ה׳ התעיף קרי יעוף קרי

8 דער וואָס זייט אומרעכט וועט שניידן אומגליק,
און די רוט פון זיין חוצפּה וועט פאַרלענדט ווערן.

9 דער וואָס האָט אַ גוט אויג, ער ווערט געבענטשט,
ווייל ער גיט פון זיין ברויט דעם אָרימאַן.

10 טרייב אַרויס דעם שפּעטער, און קריג וועט אַוועק,
און שטרייט און שאַנד וועלן אויפהערן.

11 דער וואָס האָט ליב ריינהאַרציקייט,
וואָס האָט חן אויף די ליפּן, איז דער מלך זיין חבר.

12 די אויגן פון גאָט היטן דעם פאַרשטאַנדיקן,
און ער פאַרדרייט די רייד פון דעם פעלשער.

13 דער פוילער זאָגט: אַ לייב איז דערויסן,
איך וועל אין גאַס געהרגעט ווערן.

14 אַ טיפע גרוב איז דאָס מויל פון פרעמדע פרויען,
דער פאַרשאָלטענער פון גאָט פאַלט אַריין אַהין.

15 נאַרישקייט איז אַיינגעבונדן ביי דעם יינגל אין האַרצן,
די שטראָפרוט וועט זי דערווייטערן פון אים.

16 מע רויבט דעם אָרימאַן, און ביי אים מערט זיך,
מע גיט דעם עושר, און עס ווערט בלויז געמינערט.

17 נייג צו דיין אויער, און הער די ווערטער פון די חכמים,
און דיין האַרץ זאָלסטו צולייגן צו מיין קענשאַפט.
18 וואָרום וואויל וועט זיין, אַז דו וועסט זיי היטן אין דיין לייב,
אַז זיי וועלן אַלע זיין אָנגעברייט אויף דיינע ליפּן.
19 כדי דיין ביטחון זאָל זיין אויף גאָט,
האָב איך עס היינט דיך געמאַכט וויסן, יאָ דיך.
20 פאַרוואָר, איך האָב דיר אויפגעשריבן געהויבענע ווערטער,
מיט עצות און קענשאַפט.
21 כדי דיך צו מאַכן וויסן די ריכטיקע ווערטער פון אמת,
כדי זאָלסט ענטפערן אמתע ווערטער די וואָס האָבן דיך געשיקט.

22 זאָלסט ניט באַגזלען דעם שוואַכן, ווייל ער איז שוואַך,
און ניט דריקן דעם אָרימאַן אין טויער.
23 וואָרום גאָט וועט זיך אָננעמען זייער קריג,
און רויבן זייערע רויבער דאָס לעבן.

24 זאָלסט זיך ניט חברן מיט אַ צאָרנדיקן מענטשן,
און מיט אַ כּעסן זאָלסטו ניט צונויפקומען;
25 טאָמער וועסטו לערנען זיינע וועגן,
און וועסט נעמען אַ שטרויכלונג פאַר דיין זעל.

26 זאָלסט ניט זיין פון די וואָס גיבן אַ האַנט,
פון די וואָס זיינען עָרֵב פאַר חובות.
27 אַז דו וועסט ניט האָבן צו באַצאָלן,
נאָך וואָס זאָל מען צונעמען דיין געלעגער פון אונטער דיר?

28 זאָלסט ניט איבעררוקן דעם גרענעץ פון פאַרצייטן,
וואָס דיינע עלטערן האָבן געמאַכט.

29 זעסטו אַ מענטשן פלינק אין זיין אַרבעט,
וועט ער שטיין פאַר מלכים;
ער וועט ניט שטיין פאַר נידעריקע.

## כג

1 אַז דו זעצסט זיך עסן מיט אַ געוועלטיקער,
זאָלסטו גוט פאַרשטיין וועמען דו האָסט פאַר דיר;
2 וואָרום דו שטעקסט זיך אַריין אַ מעסער אין דער קעל,
אויב דו ביסט אַ מענטש אַ פרעסער.

3 זאָלסט ניט גאַרן נאָך זיינע מאַכלים,
וואָרום דאָס איז פאַלשע שפּייז.

4 זאָלסט זיך ניט מאַטערן צו ווערן רייך;
פון זינען שלאָג עס דיר אַרויס.
5 הייבסט אויף דיינע אויגן דערויף, און שוין איז עס ניטאָ;
וואָרום מאַכן פליגלען מאַכט עס זיך,
ווי אַן אָדלער וואָס פליט צום הימל.

6 זאָלסט ניט עסן דאָס ברויט פון דעם וואָס האָט אַ בייז אויג,
און זאָלסט ניט גאַרן נאָך זיינע מאַכלים;

7 וואָרום עס איז אַזוי ווי ער וואָלט אויסרעכענען ביי זיך;

כֶּן־הוּא אֱכוֹל וּשְׁתֵה יֹאמַר לָךְ וְלִבּוֹ בַּל־עִמָּךְ׃ פִּתְּךָ־ ח
אָכַלְתָּ תְקִיאֶנָּה וְשִׁחַתָּ דְּבָרֶיךָ הַנְּעִימִים׃ בְּאָזְנֵי כְסִיל ט
אַל־תְּדַבֵּר כִּי־יָבוּז לְשֵׂכֶל מִלֶּיךָ׃ אַל־תַּסֵּג גְּבוּל עוֹלָם י
וּבִשְׂדֵי יְתוֹמִים אַל־תָּבֹא׃ כִּי־גֹאֲלָם חָזָק הוּא־יָרִיב אֶת־ יא
רִיבָם אִתָּךְ׃ הָבִיאָה לַמּוּסָר לִבֶּךָ וְאָזְנֶךָ לְאִמְרֵי־דָעַת׃ יב
אַל־תִּמְנַע מִנַּעַר מוּסָר כִּי־תַכֶּנּוּ בַשֵּׁבֶט לֹא יָמוּת׃ אַתָּה יג יד
בַּשֵּׁבֶט תַּכֶּנּוּ וְנַפְשׁוֹ מִשְּׁאוֹל תַּצִּיל׃ בְּנִי אִם־חָכַם לִבֶּךָ טו
יִשְׂמַח לִבִּי גַם־אָנִי׃ וְתַעֲלֹזְנָה כִלְיוֹתָי בְּדַבֵּר שְׂפָתֶיךָ טז
מֵישָׁרִים׃ אַל־יְקַנֵּא לִבְּךָ בַּחַטָּאִים כִּי אִם־בְּיִרְאַת יְהוָה יז
כָּל־הַיּוֹם׃ כִּי אִם־יֵשׁ אַחֲרִית וְתִקְוָתְךָ לֹא תִכָּרֵת׃ שְׁמַע־ יח יט
אַתָּה בְנִי וַחֲכָם וְאַשֵּׁר בַּדֶּרֶךְ לִבֶּךָ׃ אַל־תְּהִי בְסֹבְאֵי יָיִן כ
בְּזֹלְלֵי בָשָׂר לָמוֹ׃ כִּי־סֹבֵא וְזוֹלֵל יִוָּרֵשׁ וּקְרָעִים תַּלְבִּישׁ כא
נוּמָה׃ שְׁמַע לְאָבִיךָ זֶה יְלָדֶךָ וְאַל־תָּבוּז כִּי־זָקְנָה אִמֶּךָ׃ כב
אֱמֶת קְנֵה וְאַל־תִּמְכֹּר חָכְמָה וּמוּסָר וּבִינָה׃ גּוֹל יָגוּל כג כד
אֲבִי צַדִּיק *יוֹלֵד חָכָם וְיִשְׂמַח בּוֹ׃ יִשְׂמַח־אָבִיךָ וְאִמֶּךָ כה
וְתָגֵל יוֹלַדְתֶּךָ׃ תְּנָה־בְנִי לִבְּךָ לִי וְעֵינֶיךָ דְּרָכַי תִּרֹצְנָה׃ כו
כִּי־שׁוּחָה עֲמֻקָּה זוֹנָה וּבְאֵר צָרָה נָכְרִיָּה׃ אַף־הִיא כז כח
כְּחֶתֶף תֶּאֱרֹב וּבוֹגְדִים בְּאָדָם תּוֹסִף׃ לְמִי אוֹי | לְמִי אֲבוֹי כט
לְמִי מִדְוָנִים | לְמִי שִׂיחַ לְמִי פְּצָעִים חִנָּם לְמִי חַכְלִלוּת
עֵינָיִם׃ לַמְאַחֲרִים עַל־הַיָּיִן לַבָּאִים לַחְקֹר מִמְסָךְ׃ אַל־ ל לא
תֵּרֶא יַיִן כִּי יִתְאַדָּם כִּי־יִתֵּן בַּכּוֹס עֵינוֹ יִתְהַלֵּךְ בְּמֵישָׁרִים׃
אַחֲרִיתוֹ כְּנָחָשׁ יִשָּׁךְ וּכְצִפְעֹנִי יַפְרִשׁ׃ עֵינֶיךָ יִרְאוּ זָרוֹת לב לג
וְלִבְּךָ יְדַבֵּר תַּהְפֻּכוֹת׃ וְהָיִיתָ כְּשֹׁכֵב בְּלֶב־יָם וּכְשֹׁכֵב לד
בְּרֹאשׁ חִבֵּל׃ הִכּוּנִי בַל־חָלִיתִי הֲלָמוּנִי בַּל־יָדָעְתִּי מָתַי לה
אָקִיץ אוֹסִיף אֲבַקְשֶׁנּוּ עוֹד׃

כד

אַל־תְּקַנֵּא בְּאַנְשֵׁי רָעָה וְאַל־תִּתְאָו לִהְיוֹת אִתָּם׃ כִּי שֹׁד א ב

---

כג, יט׳ ס״א וְאַשֵּׁר בְּדֶרֶךְ   כד׳ גיל קרי   יגיל קרי   ויולד קרי
ישמח קרי   כו׳ תצרנה קרי   כט׳ מדינים קרי   לא׳ בכוס קרי

„עס און טרינק!" זאָגט ער צו דיר,
אָבער זיין האַרץ איז ניט מיט דיר.
8 דיין ביסן וואָס דו האָסט אויפגעגעסן, וועסטו אויס־ברעכן,
און האָסט אומזיסט אויסגעבראַכט דיינע זיסע רייד.

9 אין די אויערן פון דעם נאַרן זאָלסטו ניט רעדן,
וואָרום ער וועט פאַראַכטן דעם שׂכל פון דיינע ווערטער.

10 זאָלסט ניט איבעררוקן דעם גרענעץ פון פאַרצייטן,
און אין די פעלדער פון יתומים זאָלסטו ניט אַריינגיין;
11 וואָרום זייער אויסלייזער איז שטאַרק,
ער וועט זיך אָננעמען זייער קריג אַקעגן דיר.

12 לייג צו דיין האַרץ צו מוסר,
און דיינע אויערן צו ווערטער פון פאַרשטאַנדיקייט.

13 זאָלסט ניט פאַרמיידן שטראָף פון דעם ייִנגל;
אַז דו וועסט אים שלאָגן מיט דער רוט, וועט ער ניט שטאַרבן.
14 דו וועסט אים שלאָגן מיט דער רוט,
און וועסט מציל זיין זיין זעל פון דער אונטערערד.

15 מיין זון, אַז דיין האַרץ וועט זיין קלוג,
וועט אויך מיין האַרץ זיך פרייען.
16 און מיינע נירן וועלן אָנקווועלן,
אַז דיינע ליפּן וועלן רעדן די ריכטיקייט.

17 זאָל דיין האַרץ ניט מקנא זיין די זינדיקע,
נאָר בלויז די גאָטספאָרכטיקע אַ גאַנצן טאָג.
18 וואָרום פאַרוואָר, עס איז דאָ אַ לעצט,
און דיין האָפענונג וועט ניט פאַרשניטן ווערן.

19 הער צו, זון מיינער, און ווער קלוג,
און פיר אויפן וועג דיין האַרץ.
20 זאָלסט ניט זיין פון די וואָס זויפן וויין,
פון די וואָס פרעסן זיך אָן מיט פלייש;
21 וואָרום אַ פרעסער און אַ זויפער ווערט פאַראָרימט.
און שמאַטעס קליידט אָן שלעפעריי.
22 הער צו דיין פאָטער וואָס האָט דיך געבאָרן,
און זאָלסט ניט פאַראַכטן דיין מוטער אַז זי איז אַלט.
23 קויף אמת, און זאָלסט עס ניט פאַרקויפן —
חכמה, און מוסר, און פאַרשטאַנדיקייט.
24 קווענלן קווענלט אָן דער פאָטער פון דעם צדיק,
און דער וואָס האָט געבאָרן אַ חכם פרייט זיך מיט אים.
25 זאָל זיך פרייען דיין פאָטער און דיין מוטער,
און זאָל קווענלן דיין געווינערין.

26 גיב מיר, מיין זון, דיין האַרץ,
און דיינע אויגן זאָלן היטן מיינע וועגן.
27 וואָרום אַ טיפער גראָבן איז אַ זונה,
און אַן ענגע גרוב איז די פרעמדע.
28 דערצו לויערט זי ווי אַ רויבער,
און מערט פעלשער צווישן די מענטשן.

29 ביי וועמען איז אָך? ביי וועמען איז וויי?
ביי וועמען קריג? ביי וועמען קלאָג?
ביי וועמען אומזיסטיקע וווּנדן?
ביי וועמען רויטע אויגן?
30 ביי די וואָס שפּעטיקן זיך ביים וויין,
ביי די וואָס קומען פאַרזוכן דעם מישטראַנק.
31 זאָלסט ניט קוקן אויפן וויין ווי ער רויטלט זיך,
ווי ער שפּיגלט אין כּוס זיין פאַרב,
ווי ער גליטשט זיך גלאַטיק אַראָפּ.
32 אין זיין סוף וועט ער ווי אַ שלאַנג אײַנבייסן,
און ווי אַ נאָטער וועט ער פאַרגיפטן.
33 דיינע אויגן וועלן זען פרעמדע זאַכן,
און דיין האַרץ וועט רעדן פאַרקערטקייט;
34 און וועסט זיין ווי איינער וואָס ליגט אין מיטן ים,
אָדער ווי איינער וואָס ליגט אויף אַ שפּיץ מאַסט.
35 „זיי האָבן מיך געשלאָגן, און מיר האָט ניט וויי געטאָן,
זיי האָבן מיך צעקלאַפּט, און איך האָב ניט געשפּירט;
ווען ניכטער איך זיך אויס, וועל איך עס נאָך ווידער זוכן".

כד
1 זאָלסט ניט זיין מקנא בייזע לייט,
און זאָלסט ניט גאַרן צו זיין מיט זיי,
2 וואָרום פאַרוויסטונג טראַכט זייער האַרץ,

אוּן אומגליק רעדן זייערע ליפּן.

3 מיט חכמה ווערט אַ הויז געבויט,
און מיט פאַרשטאַנדיקייט ווערט עס באַפעסטיקט;
4 און דורך קענשאַפט ווערן די קאַמערן אָנגעפילט
מיט אַלערליי טײַערן און ליבלעכן גוטס.

5 אַ קלוגער מאַן איז אין מאַכט,
און אַ מענטש מיט קענשאַפט האָט אַ שטאַרקע גבורה;
6 וואָרום מיט תחבולות מוזטו אָנפירן דיין מלחמה,
און הילף קומט דורך פיל יועצים.

7 צו הויך פאַר דעם נאַרן איז חכמה,
אין טויער עפנט ער ניט זיין מויל.

8 דער וואָס קלערט צו טאָן שלעכטס,
אים וועט מען נאָכרופן בייזוויליקער מענטש.

9 די טראַכטעניש פון דעם נאַרן איז זינד,
און אַן אומווערדיקייט ביי מענטשן איז דער שפּעטער.

10 לאָזטו זיך אָפּ אין טאָג פון נויט,
איז דיין כּוח אַ קנאַפּער.

11 זיי מציל די וואָס ווערן גענומען צום טויט,
און די אָנגעברייטע צום הרגען, אויב דו קענסט אָפּ־
האַלטן.

12 אַז דו וועסט זאָגן: „מיר האָבן דאָך דערפון ניט
געוווּסט״—
פאַרוואָר, דער פאָרשער פון די הערצער, ער וועט
מערקן,
און דער היטער פון דיין זעל, ער וועט וויסן,
און וועט אומקערן איטלעכן לויט זיינע מעשׂים.

13 עס, מיין זון, האָניק, ווייל עס איז גוט,
און האָניקזאַפט וואָס איז זיס פאַר דיין גומען;
14 אַזוי, זיי וויסן, איז חכמה פאַר דיין זעל,
אַז דו האָסט זי געפונען וועט זיין אַ [גוטע] לעצט,
און דיין האָפענונג וועט ניט פאַרשניטן ווערן.

15 זאָלסט ניט לויערן, רשע, אויף דער וווינונג פון דעם
צדיק,
זאָלסט ניט פאַרוויסטן זיין הויעראָרט;
16 וואָרום זיבן מאָל פאַלט דער צדיק, און שטייט אויף,
און די רשעים ווערן געשטרויכלט אין אומגליק.

17 אַז דיין שׂונא פאַלט, זאָלסטו זיך ניט פרייען,
און אַז ער ווערט געשטרויכלט, זאָל ניט אָנקוועלן דיין
האַרץ;
18 וואָרום גאָט וועט זען, און עס וועט שלעכט זיין אין
זיינע אויגן,
און ער וועט אָפּקערן פון אים זיין צאָרן.

19 זאָלסט זיך ניט ערגערן וועגן די שלעכטסטוער,
זאָלסט ניט מקנא זיין די רשעים;
20 וואָרום דער שלעכטער וועט ניט האָבן קיין לעצט,
דאָס ליכט פון די רשעים וועט אויסגעלאָשן ווערן.

21 האָב מורא פאַר גאָט, מיין זון, און פאַרן מלך,
מיט איבעראַנדערשער זאָלסטו זיך ניט מישן;
22 וואָרום פּלוצלינג וועט קומען זייער בראָך,
און ווער ווייס דאָס אומגליק פון זיי ביידן?[א]

23 אויך דידאָזיקע זיינען פון די חכמים.

פון שאַנעווען אין אַ משפּט קומט ניט אַרויס קיין גוטס.

24 דער וואָס זאָגט צום שולדיקן: „דו ביסט גערעכט״,
שילטן אים פעלקער, פלוכן אים אומות.

ג יֶהְגֶּה לִבָּם וְעָמָל שִׂפְתֵיהֶם תְּדַבֵּרְנָה׃ בְּחָכְמָה יִבָּנֶה
ד בָּיִת וּבִתְבוּנָה יִתְכּוֹנָן׃ וּבְדַעַת חֲדָרִים יִמָּלְאוּ כָּל־הוֹן
ה ו יָקָר וְנָעִים׃ גֶּבֶר־חָכָם בַּעוֹז וְאִישׁ דַּעַת מְאַמֶּץ־כֹּחַ׃ כִּי
בְתַחְבֻּלוֹת תַּעֲשֶׂה־לְּךָ מִלְחָמָה וּתְשׁוּעָה בְּרֹב יוֹעֵץ׃
ז ח רָאמוֹת לֶאֱוִיל חָכְמוֹת בַּשַּׁעַר לֹא יִפְתַּח־פִּיהוּ׃ מְחַשֵּׁב
ט לְהָרֵעַ לוֹ בַּעַל־מְזִמּוֹת יִקְרָאוּ׃ זִמַּת אִוֶּלֶת חַטָּאת וְתוֹעֲבַת
י יא לְאָדָם לֵץ׃ הִתְרַפִּיתָ בְּיוֹם צָרָה צַר כֹּחֶכָה׃ הַצֵּל
יב לְקֻחִים לַמָּוֶת וּמָטִים לַהֶרֶג אִם־תַּחְשׂוֹךְ׃ כִּי־תֹאמַר הֵן
לֹא־יָדַעְנוּ זֶה הֲלֹא־תֹכֵן לִבּוֹת ׀ הוּא יָבִין וְנֹצֵר נַפְשְׁךָ הוּא
יג יֵדָע וְהֵשִׁיב לְאָדָם כְּפָעֳלוֹ׃ אֱכָל־בְּנִי דְבַשׁ כִּי טוֹב וְנֹפֶת
יד מָתוֹק עַל־חִכֶּךָ׃ כֵּן ׀ דְּעֶה חָכְמָה לְנַפְשֶׁךָ אִם־מָצָאתָ
טו וְיֵשׁ אַחֲרִית וְתִקְוָתְךָ לֹא תִכָּרֵת׃ אַל־תֶּאֱרֹב רָשָׁע לִנְוֵה
טז צַדִּיק אַל־תְּשַׁדֵּד רִבְצוֹ׃ כִּי שֶׁבַע ׀ יִפּוֹל צַדִּיק וָקָם
יז וּרְשָׁעִים יִכָּשְׁלוּ בְרָעָה׃ בִּנְפֹל אוֹיִבְךָ אַל־תִּשְׂמָח וּבִכָּשְׁלוֹ
יח אַל־יָגֵל לִבֶּךָ׃ פֶּן־יִרְאֶה יְהוָה וְרַע בְּעֵינָיו וְהֵשִׁיב מֵעָלָיו
יט כ אַפּוֹ׃ אַל־תִּתְחַר בַּמְּרֵעִים אַל־תְּקַנֵּא בָּרְשָׁעִים׃ כִּי ׀
כא לֹא־תִהְיֶה אַחֲרִית לָרָע נֵר רְשָׁעִים יִדְעָךְ׃ יְרָא־אֶת־יְהוָה
כב בְּנִי וָמֶלֶךְ עִם־שׁוֹנִים אַל־תִּתְעָרָב׃ כִּי־פִתְאֹם יָקוּם אֵידָם
כג וּפִיד שְׁנֵיהֶם מִי יוֹדֵעַ׃ גַּם־אֵלֶּה לַחֲכָמִים הַכֵּר־פָּנִים
כד בְּמִשְׁפָּט בַּל־טוֹב׃ אֹמֵר ׀ לְרָשָׁע צַדִּיק אָתָּה יִקְּבֻהוּ עַמִּים
כה יִזְעָמוּהוּ לְאֻמִּים׃ וְלַמּוֹכִיחִים יִנְעָם וַעֲלֵיהֶם תָּבוֹא בִרְכַּת־
כו כז טוֹב׃ שְׂפָתַיִם יִשָּׁק מֵשִׁיב דְּבָרִים נְכֹחִים׃ הָכֵן בַּחוּץ ׀
כח מְלַאכְתֶּךָ וְעַתְּדָהּ בַּשָּׂדֶה לָךְ אַחַר וּבָנִיתָ בֵיתֶךָ׃ אַל־תְּהִי
כט עֵד־חִנָּם בְּרֵעֶךָ וַהֲפִתִּיתָ בִּשְׂפָתֶיךָ׃ אַל־תֹּאמַר כַּאֲשֶׁר
ל עָשָׂה־לִי כֵּן אֶעֱשֶׂה־לּוֹ אָשִׁיב לָאִישׁ כְּפָעֳלוֹ׃ עַל־שְׂדֵה
לא אִישׁ־עָצֵל עָבַרְתִּי וְעַל־כֶּרֶם אָדָם חֲסַר־לֵב׃ וְהִנֵּה עָלָה
כֻלּוֹ ׀ קִמְּשֹׂנִים כָּסּוּ פָנָיו חֲרֻלִּים וְגֶדֶר אֲבָנָיו נֶהֱרָסָה׃

ד׳ שוא באתנח ה׳ ס״א גֶּבֶר חכם יב׳ קמץ באתנח שאחר ע״וי
יז׳ יתיר י׳ כא׳ ס״א יְרָא את־ה׳ נ״א ועם ל׳ פתח באתנח

25 אָבער די וואָס משפּטן ריכטיק, זיי איז וואויל,
און אויף זיי קומט אַ ברכה פון גוטס.
26 די ליפּן דאַרף מען קושן
דעם וואָס ענטפערט די ריכטיקע רייד.

27 פאַרריכט דערויסן דיין אַרבעט,
און גרייט עס דיר צו אויפן פעלד,
דערנאָך זאָלסטו בויען דיין הויז.

28 זאָלסט ניט זיין אַן עדות אַקעגן דיין חבר אָן אַ פאַרוואָס,
און נאַרן מיט דיינע ליפּן.
29 זאָלסט ניט זאָגן: „ווי ער האָט מיר געטאָן, אַזוי וועל
איך אים טאָן;
איך וועל דעם מענטשן אומקערן לויט זיין טאָן״.

30 פאַרביי אַ פעלד פון אַ פוילן מאַן בין איך פאַרביי־
געגאַנגען,
און פאַרביי אַ וויינגאָרטן פון אַ מענטשן אָן שׂכל;
31 ערשט עס איז אין גאַנצן געווען פאַרוואַקסן מיט דערנער,
זיין אויבערפלעך איז געווען באַדעקט מיט ווילדע
געוועקסן,
און זיין שטיינערנע צאַם איז געווען איינגעפאַלן.

[א] ד. ה. די וואָס שטעלן זיך קעגן גאָט און די וואָס שטעלן זיך קעגן מלך.

וָאֶחֱזֶה אָנֹכִי אָשִׁית לִבִּי רָאִיתִי לָקַחְתִּי מוּסָר׃ מְעַט שֵׁנוֹת לב לג
מְעַט תְּנוּמוֹת מְעַט ׀ חִבֻּק יָדַיִם לִשְׁכָּב׃ וּבָא־מִתְהַלֵּךְ לד
רֵישֶׁךָ וּמַחְסֹרֶיךָ כְּאִישׁ מָגֵן׃

## כה

גַּם־אֵלֶּה מִשְׁלֵי שְׁלֹמֹה אֲשֶׁר הֶעְתִּיקוּ אַנְשֵׁי ׀ חִזְקִיָּה א
מֶלֶךְ־יְהוּדָה׃ כְּבֹד אֱלֹהִים הַסְתֵּר דָּבָר וּכְבֹד מְלָכִים ב
חֲקֹר דָּבָר׃ שָׁמַיִם לָרוּם וָאָרֶץ לָעֹמֶק וְלֵב מְלָכִים אֵין ג
חֵקֶר׃ הָגוֹ סִיגִים מִכָּסֶף וַיֵּצֵא לַצֹּרֵף כֶּלִי׃ הָגוֹ רָשָׁע ד ה
לִפְנֵי־מֶלֶךְ וְיִכּוֹן בַּצֶּדֶק כִּסְאוֹ׃ אַל־תִּתְהַדַּר לִפְנֵי־מֶלֶךְ ו
וּבִמְקוֹם גְּדֹלִים אַל־תַּעֲמֹד׃ כִּי טוֹב אֲמָר־לְךָ עֲלֵה הֵנָּה ז
מֵהַשְׁפִּילְךָ לִפְנֵי נָדִיב אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ׃ אַל־תֵּצֵא לָרִב ח
מַהֵר פֶּן מַה־תַּעֲשֶׂה בְּאַחֲרִיתָהּ בְּהַכְלִים אֹתְךָ רֵעֶךָ׃
רִיבְךָ רִיב אֶת־רֵעֶךָ וְסוֹד אַחֵר אַל־תְּגָל׃ פֶּן־יְחַסֶּדְךָ ט י
שֹׁמֵעַ וְדִבָּתְךָ לֹא תָשׁוּב׃ תַּפּוּחֵי זָהָב בְּמַשְׂכִּיּוֹת כָּסֶף יא
דָּבָר דָּבֻר עַל־אָפְנָיו׃ נֶזֶם זָהָב וַחֲלִי־כָתֶם מוֹכִיחַ חָכָם יב
עַל־אֹזֶן שֹׁמָעַת׃ כְּצִנַּת־שֶׁלֶג ׀ בְּיוֹם קָצִיר צִיר נֶאֱמָן יג
לְשֹׁלְחָיו וְנֶפֶשׁ אֲדֹנָיו יָשִׁיב׃ נְשִׂיאִים וְרוּחַ וְגֶשֶׁם אָיִן אִישׁ יד
מִתְהַלֵּל בְּמַתַּת־שָׁקֶר׃ בְּאֹרֶךְ אַפַּיִם יְפֻתֶּה קָצִין וְלָשׁוֹן טו
רַכָּה תִּשְׁבָּר־גָּרֶם׃ דְּבַשׁ מָצָאתָ אֱכֹל דַּיֶּךָּ פֶּן־תִּשְׂבָּעֶנּוּ טז
וַהֲקֵאתוֹ׃ הֹקַר רַגְלְךָ מִבֵּית רֵעֶךָ פֶּן־יִשְׂבָּעֲךָ וּשְׂנֵאֶךָ׃ יז
מֵפִיץ וְחֶרֶב וְחֵץ שָׁנוּן אִישׁ־עֹנֶה בְרֵעֵהוּ עֵד שָׁקֶר׃ שֵׁן יח יט
רָעָה וְרֶגֶל מוּעָדֶת מִבְטָח בּוֹגֵד בְּיוֹם צָרָה׃ מַעֲדֶה־בֶּגֶד ׀ כ
בְּיוֹם קָרָה חֹמֶץ עַל־נָתֶר וְשָׁר בַּשִּׁרִים עַל לֶב־רָע׃ אִם־ כא
רָעֵב שֹׂנַאֲךָ הַאֲכִלֵהוּ לָחֶם וְאִם־צָמֵא הַשְׁקֵהוּ מָיִם׃ כִּי כב
גֶחָלִים אַתָּה חֹתֶה עַל־רֹאשׁוֹ וַיהוָה יְשַׁלֶּם־לָךְ׃ רוּחַ צָפוֹן כג
תְּחוֹלֵל גָּשֶׁם וּפָנִים נִזְעָמִים לְשׁוֹן סָתֶר׃ טוֹב שֶׁבֶת עַל־ כד
פִּנַּת־גָּג מֵאֵשֶׁת מִדְוָנִים וּבֵית חָבֶר׃ מַיִם קָרִים עַל־נֶפֶשׁ כה

כד, לב׳ ס״א ואחזה  כה, ט׳ פתח בס״ס  יט׳ כצ״ל בקמץ
כד׳ מדינים קרי

32 איך האָב געקוקט, און מיר אַריינגענומען אין האַרצן,
איך האָב געזען, און גענומען אַ מוסר.
33 „נאָך אַ ביסל שלאָף, נאָך אַ ביסל דרעמלען,
נאָך אַ ביסל ליגן מיט פאַרלייגטע הענט" —
34 און קומען ווי אַ גיי־חיל וועט דיין אָרימקייט,
און דיין נויט ווי אַ געפּאַנצערטער מאַן.

## כה

1 אויך דידאָזיקע זיינען שפּריכווערטער פון שלמהן, וואָס די לייט פון חִזקִיָה דעם מלך פון יהודה האָבן איבערגעשריבן.

2 דער כבוד פון גאָט איז פאַרבאָרגן אַ זאַך,
און דער כבוד פון מלכים איז אויספאָרשן אַ זאַך.

3 דער הימל אין הייך, און די ערד אין טיפקייט,
און דאָס האַרץ פון מלכים, איז ניט צו דערפאָרשן.

4 נעם אַרויס די פּסולת פון זילבער,
און ביים שמעלצער קומט אַרויס אַ כּלי;
5 נעם אַוועק דעם רשע פון פאַרן מלך,
און זיין טראָן וועט שטיין פעסט אויף גערעכטיקייט.

6 זאָלסט זיך ניט שיינדלען פאַרן מלך,
און אין דעם אָרט פון גרויסע לייט זאָלסטו ניט שטיין.
7 וואָרום בעסער מע זאָל דיר זאָגן: „קום אַרויף אַהער!"
איידער מע זאָל דיך דערנידערן פאַר דעם פירשט,
ווי דיינע אויגן האָבן געזען.

8 זאָלסט ניט אַרויסגיין האַסטיק זיך קריגן,
וואָרום וואָס וועסטו טאָן צום סוף דערפון,
אַז דיין חבר וועט דיך מאַכן צו שאַנד?
9 קריג זיך דיין קריג מיט דיין חבר,
אָבער אַ פרעמדנס סוד זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן;
10 כּדי דער צוהערער זאָל דיך ניט זידלען,
וואָרום דיין רכילות קען ניט צוריקגענומען ווערן.

11 גילדערנע עפּל אין זילבערנע פּוץ־כּלים,
איז אַ וואָרט גערעדט צו דער זאַך.

12 אַ גילדערנער אוירינג און אַ צירונג פון גינגאָלד
איז אַ קלוגער מוסר־זאָגער פאַרן אויער פון הערער.

13 ווי שנייאיקע קעלט אין טאָג פון שניט,
איז אַ באַגלויבטער שליח פאַר די וואָס שיקן אים;
וואָרום ער דערקוויקט די זעל פון זיין האַר.

14 וואָלקנס און ווינט אָן רעגן,
איז אַ מענטש וואָס רימט זיך מיט אַ פאַלשער מתּנהא.

15 מיט אײַנגעהאַלטנקייט ווערט איבערגערעדט דער פירשט,
און אַ ווייכע צונג צעברעכט אַ ביין.

16 האָסטו געפונען האָניק, עס פיל עס איז גענוג פאַר דיר,
כּדי זאָלסט זיך ניט איבערזעטן דערמיט, און עס אויס־ברעכן.

17 מאַך דיין פוס זעלטן אין הויז פון דיין חבר,
כּדי ער זאָל ניט זאַט ווערן מיט דיר, און דיך פיינט קריגן.

18 אַ ברעכשטאַנג און אַ שווערד און שאַרפע פייל
איז אַ מענטש וואָס זאָגט פאַלשע עדות אויף זיין חבר.

19 אַ צעבראָכענער צאָן און אַ אויסגעלונקענער פוס,
איז די פאַרזיכערונג פון דעם פעלשער אין טאָג פון נויט.

20 ווי דער וואָס טוט אויס דעם בגד אין אַ קאַלטן טאָג,
ווי עסיק אויף לויגזאַלץ,
אַזוי דער וואָס זינגט לידער
פאַר אַן אומעטיקן האַרצן.

21 אַז דיין שׂונא איז הונגעריק, גיב אים עסן ברויט,
און אַז ער איז דאָרשטיק, גיב אים טרינקען וואַסער;
22 וואָרום קוילן שיטסטו אים אויפן קאָפּ,
און גאָט וועט דיר באַצאָלן.

23 צפונווינט ברענגט רעגן,
און אַ פאַרשטעלטע צונג פאַרדראָסיקע פּנימער.

24 בעסער וווינען אויף אַ ווינקל דאַך,
איידער אין איין הויז מיט אַ ווייב אַ קריגערין.

25 קאַלטע וואַסער פאַר אַ פאַרשמאַכטער זעל,
אַזוי איז אַ גוטע בשׂורה פון אַ ווייטן לאַנד.

א ד. ה. מיט אַ מתּנה וואָס ער גיט ניט.

²⁶ אַ קויטיקער קוואַל, און אַ דומפּיקער ברונעם
איז אַ צדיק וואָס בייגט זיך פאַרן רשע.

²⁷ צו פיל האָניק עסן איז ניט גוט;
און כּבֿוד הייסט פאַרשטיין דעם אייגענעם כּבֿוד.

²⁸ אַן איינגעבראָכענע שטאָט אָן אַ מויער
איז אַ מענטש וואָס ניטאָ קיין אָפּהאַלט פאַר זיין געמיט.

# כו

¹ ווי שניי אום זומער, און ווי רעגן אין שניט,
אַזוי פּאַסט ניט פאַרן נאַרן כּבֿוד.

² ווי אַ שפּערל וואָס וואַנדערט, ווי אַ שוואַלב וואָס פליט,
אַזוי וועט אַן אומזיסטע קללה אָנקומען אויף זיך אַליין.

³ אַ בייטש פאַרן פערד, אַ צאַם פאַרן אייזל,
און אַ רוט פאַרן רוקן פון דעם נאַרן.

⁴ זאָלסט ניט ענטפערן דעם נאַרן אַזוי ווי זיין נאַרישקייט,
כּדי דו אויך זאָלסט ניט ווערן גלייך צו אים.

⁵ ענטפער דעם נאַרן ווערדליק זיין נאַרישקייט,
כּדי ער זאָל ניט זיין אַ חכם אין זיינע אויגן.

⁶ די פיס האַקט זיך אָפּ, מיט ערגערניש טרינקט זיך אָן,
דער וואָס שיקט זאַכן דורך דער האַנט פון אַ נאַרן.

⁷ די פיס באַמבלען זיך ביים הינקעדיקן,
און אַ משל אין מויל פון אַ נאַרן.

⁸ ווי אַ קליין אָבֿדטוב אויף אַ הויפן שטיינער,
אַזוי אַז מע גיט כּבֿוד אַ נאַרן.

⁹ אַ דאָרן וואָס קומט אין דער האַנט פון אַ שיכּורן,
אַזוי איז אַ משל אין מויל פון אַ נאַרן.

¹⁰ דער שטאַרקער קען אַלצדינג אויפטאָן,
אָבער דער וואָס וויל איינהאַלטן אַ נאַרן, וויל איינ־
האַלטן אַ פליצונג.

¹¹ ווי אַ הונט וואָס קערט זיך אום צו זיין מייקעכץ,
חזרט איבער דער נאַר זיין טיפּשות.

¹² זעסטו אַ מענטשן וואָס איז אַ חכם אין זיינע אויגן,
איז דאָ מער האָפענונג פאַר אַ נאַרן ווי פאַר אים.

¹³ דער פוילער זאָגט: אַ ווילד לייב איז אין וועג,
אַ לייב איז אין די גאַסן.

¹⁴ די טיר דרייט זיך שוין אויף איר אַנגל,
און דער פוילער איז נאָך אויף זיין בעט.

¹⁵ אַז דער פוילער שטעקט אַריין זיין האַנט אין שיסל,
איז ער צו מיד זי צוצוטראָגן צו זיין מויל.

¹⁶ דער פוילער איז קליגער אין זיינע אויגן
פון זיבן געשייטע ענטפערער.

¹⁷ ווי דער וואָס נעמט אָן אַ הונט פאַר די אויערן,
איז אַ פאַרבייגייער וואָס היצט זיך[א] איבער אַ קריג וואָס
ניט זיינס.

¹⁸ ווי אַ משוגענער וואָס וואַרפט
ברענעדיקע שייטן, פיילן, און טויט,
¹⁹ אַזוי איז דער מענטש וואָס נאַרט אָפּ זיין חבֿר,
און זאָגט: איך שטיף דאָך בלויז.

²⁰ אָן האָלץ פאַרלעשט זיך דאָס פייער,
און אָן אַן אונטערהעצער הערט אויף קריג.

[א] וואָרטשפּיל: עֹבֵר מִתְעַבֵּר.

כו עֲיֵפָה וּשְׁמוּעָה טוֹבָה מֵאֶרֶץ מֶרְחָק׃ מַעְיָן נִרְפָּשׂ וּמָקוֹר
כז מָשְׁחָת צַדִּיק מָט לִפְנֵי־רָשָׁע׃ אָכֹל דְּבַשׁ הַרְבּוֹת לֹא־
כח טוֹב וְחֵקֶר כְּבֹדָם כָּבוֹד׃ עִיר פְּרוּצָה אֵין חוֹמָה אִישׁ
אֲשֶׁר ׀ אֵין־מַעְצָר לְרוּחוֹ׃

# כו

א כַּשֶּׁלֶג ׀ בַּקַּיִץ וְכַמָּטָר בַּקָּצִיר כֵּן לֹא־נָאוֶה לִכְסִיל כָּבוֹד׃
ב ג כַּצִּפּוֹר לָנוּד כַּדְּרוֹר לָעוּף כֵּן קִלְלַת חִנָּם לֹא תָבֹא׃ שׁוֹט
ד לַסּוּס מֶתֶג לַחֲמוֹר וְשֵׁבֶט לְגֵו כְּסִילִים׃ אַל־תַּעַן כְּסִיל
ה כְּאִוַּלְתּוֹ פֶּן־תִּשְׁוֶה־לּוֹ גַם־אָתָּה׃ עֲנֵה כְסִיל כְּאִוַּלְתּוֹ פֶּן־
ו יִהְיֶה חָכָם בְּעֵינָיו׃ מְקַצֶּה רַגְלַיִם חָמָס שֹׁתֶה שֹׁלֵחַ
ז דְּבָרִים בְּיַד־כְּסִיל׃ דַּלְיוּ שֹׁקַיִם מִפִּסֵּחַ וּמָשָׁל בְּפִי
ח כְּסִילִים׃ כִּצְרוֹר אֶבֶן בְּמַרְגֵּמָה כֵּן־נוֹתֵן לִכְסִיל כָּבוֹד׃
ט י חוֹחַ עָלָה בְיַד־שִׁכּוֹר וּמָשָׁל בְּפִי כְסִילִים׃ רַב מְחוֹלֵל־
יא כֹּל וְשֹׂכֵר כְּסִיל וְשֹׂכֵר עֹבְרִים׃ כְּכֶלֶב שָׁב עַל־קֵאוֹ כְּסִיל
יב שׁוֹנֶה בְאִוַּלְתּוֹ׃ רָאִיתָ אִישׁ חָכָם בְּעֵינָיו תִּקְוָה לִכְסִיל
יג יד מִמֶּנּוּ׃ אָמַר עָצֵל שַׁחַל בַּדָּרֶךְ אֲרִי בֵּין הָרְחֹבוֹת׃ הַדֶּלֶת
טו תִּסּוֹב עַל־צִירָהּ וְעָצֵל עַל־מִטָּתוֹ׃ טָמַן עָצֵל יָדוֹ בַּצַּלָּחַת
טז נִלְאָה לַהֲשִׁיבָהּ אֶל־פִּיו׃ חָכָם עָצֵל בְּעֵינָיו מִשִּׁבְעָה מְשִׁיבֵי
יז טָעַם׃ מַחֲזִיק בְּאָזְנֵי־כָלֶב עֹבֵר מִתְעַבֵּר עַל־רִיב לֹא־לוֹ׃
יח יט כְּמִתְלַהְלֵהַּ הַיֹּרֶה זִקִּים חִצִּים וָמָוֶת׃ כֵּן־אִישׁ רִמָּה אֶת־
כ רֵעֵהוּ וְאָמַר הֲלֹא־מְשַׂחֵק אָנִי׃ בְּאֶפֶס עֵצִים תִּכְבֶּה־אֵשׁ
כא וּבְאֵין נִרְגָּן יִשְׁתֹּק מָדוֹן׃ פֶּחָם לְגֶחָלִים וְעֵצִים לְאֵשׁ
כב וְאִישׁ מִדוֹנִים לְחַרְחַר־רִיב׃ דִּבְרֵי נִרְגָּן כְּמִתְלַהֲמִים וְהֵם
כג יָרְדוּ חַדְרֵי־בָטֶן׃ כֶּסֶף סִיגִים מְצֻפֶּה עַל־חָרֶשׂ שְׂפָתַיִם
כד דֹּלְקִים וְלֶב־רָע׃ בִּשְׂפָתָו יִנָּכֵר שׂוֹנֵא וּבְקִרְבּוֹ יָשִׁית
כה מִרְמָה׃ כִּי־יְחַנֵּן קוֹלוֹ אַל־תַּאֲמֶן־בּוֹ כִּי שֶׁבַע תּוֹעֵבוֹת
כו כז בְּלִבּוֹ׃ תִּכַּסֶּה שִׂנְאָה בְּמַשָּׁאוֹן תִּגָּלֶה רָעָתוֹ בְקָהָל׃ כֹּרֶה

כו, ב׳ לו קרי  יז׳ הל׳ דגושה  כא׳ מדינים קרי  כד׳ בשפתיו קרי

²¹ קוילן פאַר זשאַר, און האָלץ פאַר פייער,
און אַ מענטש אַ קריגער אויף אָנצוצינדן אַ שטרייט.

²² די ווערטער פון דעם אונטערהעצער זיינען ווי גע־
שמאַקע ביסנס,
און זיי נידערן אין די קאַמערן פון לייב.

²³ פסולתדיק זילבער באַצויגן אויף ליים,
זיינען הייסע ליפּן און אַ בייז האַרץ.

²⁴ מיט זיין ליפּ פאַרשטעלט זיך דער שונא,
אָבער אין זיך גרייט ער צו באַטרוג.

²⁵ אַז ער מאַכט לייטזעליק זיין קול, זאָלסטו אים ניט
גלויבן,
וואָרום זיבן אומווערדיקייטן זיינען אין זיין האַרצן.

²⁶ מעג זיך פאַרדעקן זיין שנאה מיט אָפּנאַרעניש,
וועט אַנטפּלעקט ווערן זיין בייז פאַר אַן עולם.

²⁷ דער וואָס גראָבט אַ גרוב, וועט אין איר אַריינפאַלן,

כח שחת בה יפיל וגלל אבן אליו תשוב: לשון־שקר ישנא
דכיו ופה חלק יעשה מדחה:

כז

א ב אל־תתהלל ביום מחר כי לא־תדע מה ילד יום: יהללך
ג זר ולא־פיך נכרי ואל־שפתיך: כבד אבן ונטל החול
ד וכעס אויל כבד משניהם: אכזריות חמה ושטף אף
ה ומי יעמד לפני קנאה: טובה תוכחת מגלה מאהבה
ו מסתרת: נאמנים פצעי אוהב ונעתרות נשיקות שונא:
ז נפש שבעה תבוס נפת ונפש רעבה כל־מר מתוק:
ח ט כצפור נודדת מן־קנה כן איש נודד ממקומו: שמן
י וקטרת ישמח־לב ומתק רעהו מעצת־נפש: רעך ורעה
אביך אל־תעזב ובית אחיך אל־תבוא ביום אידך טוב
יא שכן קרוב מאח רחוק: חכם בני ושמח לבי ואשיבה
יב חרפי דבר: ערום | ראה רעה נסתר פתאים עברו
יג נענשו: קח־בגדו כי־ערב זר ובעד נכריה חבלהו:
יד מברך רעהו | בקול גדול בבקר השכים קללה תחשב
טו לו: דלף טורד ביום סגריר ואשת מדונים נשתוה:
טז יז צפניה צפן־רוח ושמן ימינו יקרא: ברזל בברזל יחד
יח ואיש יחד פני־רעהו: נצר תאנה יאכל פריה ושמר
יט אדניו יכבד: כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם:
כ שאול ואבדה לא תשבענה ועיני האדם לא תשבענה:
כא כב מצרף לכסף וכור לזהב ואיש לפי מהללו: אם־תכתוש
את־האויל | במכתש בתוך הריפות בעלי לא־תסור מעליו
כג כד אולתו: ידע תדע פני צאנך שית לבך לעדרים: כי לא
כה לעולם חסן ואם־נזר לדור דור: גלה חציר ונראה־
כו דשא ונאספו עשבות הרים: כבשים ללבושך ומחיר

---

כז, י׳ יתיר ה׳ יב׳ א׳ נחה טו׳ מדינים קרי כ׳ ואבדון קרי
כב׳ בס"א הריפות בעלי או בעלי כד׳ ודור קרי כה׳ הש׳ דגושה

און דער וואָס קײקלט אַ שטײן, װעט ער זיך אומקערן
צו אים.
28 דער דערשלאָגענער האָט פײַנט אַ פֿאַלשע צונג,
אָבער געפֿאַלנקײט מאַכט אַ גלאַט מױל.

# כז

1 זאָלסט זיך ניט רימען מיט דעם מאָרגעדיקן טאָג,
וואָרום דו ווייסט ניט וואָס דער טאָג וועט געבערן.
2 זאָל דיך לויבן אַן אַנדערער, און ניט דײַן מויל,
אַ פֿרעמדער, און ניט דײַנע ליפּן.
3 שווער איז שטיין, און אַ משׂא איז זאַמד,
אָבער דער כּעס פֿון אַ נאַרן איז שווערער פֿון זיי בײדן.
4 אומדערבאַרימדיק איז גרימצאָרן, און אַ פֿלײצונג איז
כּעס,
אָבער ווער קען באַשטיין פֿאַר קנאה?
5 בעסער אַן אָפֿענער פֿאָרוואָרף
אײדער פֿאַרבאָרגענע ליבשאַפֿט.
6 גינציק זײַנען די וווּנדן פֿון אַ גוטן פֿרײַנט,
און צו לאַסט זײַנען די קושן פֿון אַ שׂונא.
7 אַ זאַטע זעל טרעט אויף האָניקזאַפּט,
און אַ הונגעריקער זעל איז איטלעך ביטערס זיס.
8 ווי אַ פֿויגל פֿאַרוואָגלט פֿון איר נעסט,
אַזוי איז אַ מענטש פֿאַרוואָגלט פֿון זײַן היים.
9 אײל און וויירויך דערפֿרײט דאָס האַרץ,
דעסגלײַכן די זיסקײט פֿון אַ חבֿר דורך אַ האַרציקער
עצה.

10 דײַן גוטן פֿרײַנט, און דײַן פֿאָטערס גוטן פֿרײַנט זאָלסטו
ניט פֿאַרלאָזן;
און זאָלסט ניט קומען אין דײַן ברודערס הויז אין טאָג
פֿון דײַן בראָך;
בעסער אַ נאָענטער שכן אײדער אַ ווײַטער ברודער.

11 זײַ קלוג, מײַן זון, און דערפֿרײ מײַן האַרץ,
און איך וועל קענען ענטפֿערן דעם וואָס לעסטערט
מיך.

12 דער קלוגער זעט דאָס בײז, פֿאַרבאָרגט ער זיך,
די נאַרן גײען ווײַטער, ווערן זײ געשטראָפֿט.

13 נעם צו זײַן בגד אויב ער איז עָרֵב געווען פֿאַר
אַן אַנדערן,
און נעם זײַן משכּון פֿאַר דער פֿרעמדער.

14 דער וואָס בענטשט זײַן גוטן פֿרײַנט אויף אַ הויכן
קול פֿרי באַגינען,
וועט עס אים ווי אַ קללה גערעכנט ווערן.

15 אַ נודנע טריפּעניש אין אַ רעגנדיקן טאָג,
און אַ ווײַב אַ קריגערין, זײַנען גלײַך.
16 דער וואָס באַהאַלט זי, באַהאַלט ווינט,
און דאָס אײל פֿון זײַן רעכטער האַנט שרײַט אויס.

17 אײַזן שלײַפֿט מען מיט אײַזן,
און אײן מענטש שלײַפֿט דעם שאַרף פֿון דעם
אַנדערן.

18 דער וואָס היט דעם פֿײַגנבוים, וועט עסן זײַן
פֿרוכט,
און דער וואָס פּאַסט אויף זײַן האַר, וועט האָבן
כּבֿוד.

19 ווי אין וואַסער איז אַ פּנים קעגן אַ פּנים,
אַזוי איז דאָס האַרץ פֿון אַ מענטשן צו אַ מענטשן.

20 די אונטערערד און דער אָפּגרונט ווערן ניט זאַט,
און די אויגן פֿון דעם מענטשן ווערן ניט זאַט.

21 אַ טיגל פֿאַר זילבער, און אַ שמעלצאויוון פֿאַר גאָלד,
און אַ מענטש לויט זײַן לויב.

22 ווען דו זאָלסט שטויסן דעם נאַרן אין אַ שטײסל מיט אַ
מערזער צווישן גריץ,
וועט זיך ניט אָפּטאָן פֿון אים זײַן נאַרישקײט.

23 קענען זאָלסטו קענען דאָס אויסזען פֿון דײַנע שאָף,
גיב אַכטונג אויף די סטאַדעס;
24 וואָרום ניט אויף אײביק איז רײַכטום;
און איז דען אַ קרוין אויף דור־דורות?
25 די היי איז אָפּגעשניטן, און פֿרישע גראָז באַווײַזט זיך,
און אײַנגעזאַמלט זײַנען די קרײַטעכער פֿון די בערג,
26 וועלן די שעפּסן זײַן פֿאַר דײַן קלײדונג,
און צו באַצאָלן פֿאַר אַ פֿעלד די בעק;

27 און געגוג ציגנמילך וועט זיין פאַר דיין שפּייז —
פאַר דעם שפּייז פון דיין הויזגעזינט,
און דערנערונג פאַר דיינע דינסטמיידלעך.

# כח

1 דער רשע לויפט ווען קיינער יאָגט ניט,
אָבער די צדיקים זיינען זיכער ווי אַ יונגער לייב.
2 דורך דעם פאַרברעך פון אַ לאַנד זיינען פיל אירע האַרן,
אָבער דורך אַ פאַרשטאַנדיקן מאַן וואָס ווייס, האַלט אָן לאַנג דער באַשטאַנד.
3 אַן אָרימאַן וואָס דריקט די שוואַכע,
איז אַ שלאַקסרעגן וואָס לאָזט אָן ברויט.
4 די וואָס פאַרלאָזן די תּורה, לויבן די רשעים,
אָבער די וואָס היטן די תּורה, קריגן זיך מיט זיי.
5 שלעכטע מענטשן פאַרשטייען ניט גערעכטיקייט,
אָבער די וואָס זוכן גאָט, פאַרשטייען אַלץ.
6 בעסער אַן אָרימאַן וואָס גייט מיט זיין ערלעכקייט,
איידער דער וואָס זיינע וועגן זיינען קרום, און ער איז אַן עושר.
7 אַ פאַרשטאַנדיקער זון היט די לערנונג,
אָבער דער וואָס חברט זיך מיט פרעסערס, פאַרשעמט זיין פאָטער.
8 דער וואָס מערט זיין פאַרמעג דורך צינזן און מערונג,
זאַמלט עס פאַר דעם וואָס וועט שענקען צו אָרימע.
9 דער וואָס קערט אָפּ זיין אויער פון צו הערן די לערנונג,
איז אַפילו זיין תּפילה אַן אומווערדיקייט.
10 דער וואָס פאַרפירט די רעכטפאַרטיקע אויף אַ שלעכטן וועג,
וועט ער אַריינפאַלן אין זיין אייגענער גרוב,
און די ערלעכע וועלן אַרבן גוטס.
11 דער רייכער מאַן איז אַ חכם אין זיינע אויגן,
אָבער דער קלוגער אָרימאַן פאָרשט אים דורך.
12 אַז צדיקים פרייען זיך איז אַ גרויסע גדולה,
אָבער אַז רשעים קומען אויף, מוז מען זוכן אַ מענטשן.
13 דער וואָס פאַרדעקט זיינע זינד, וועט ניט באַגליקן,
אָבער דער וואָס איז זיך מודה און פאַרלאָזט זיי, וועט דערבאַרימט ווערן.
14 וווּיל צו דעם מענטשן וואָס פאָרכט תּמיד,
און דער וואָס מאַכט האַרט זיין האַרץ וועט אַריינפאַלן אין בייז.
15 אַ ברומיקער לייב, און אַ הונגעריקער בער,
איז אַ רשע וואָס געוועלטיקט איבער אָרים פאָלק.
16 אַ פירשט פעליק אין שׂכל איז גרויס אין רויבערייען;
און דער וואָס האָט פיינט אומערלעכן געווין איז מאַריך־יָמים.
17 אַ מענטש וואָס האָט אויף זיך דאָס בלוט פון אַ נפש,
וועט לויפן ביזן גרוב, מע וועט אים ניט ביישטיין.
18 דער וואָס גייט ערלעך וועט געהאָלפן ווערן,
און דער וואָס זיינע וועגן זיינען קרום, וועט פאַלן מיט איין מאָל.
19 דער וואָס באַאַרבעט זיין ערד וועט האָבן ברויט צו זאַט,
און דער וואָס יאָגט זיך נאָך פּוסטע זאַכן וועט זאַט זיין מיט דלות.

כז שָׂדֶה עַתּוּדִים׃ וְדֵי ׀ חֲלֵב עִזִּים לְלַחְמְךָ לְלֶחֶם בֵּיתֶךָ
וְחַיִּים לְנַעֲרוֹתֶיךָ׃

כח

א ב נָסוּ וְאֵין־רֹדֵף רָשָׁע וְצַדִּיקִים כִּכְפִיר יִבְטָח׃ בְּפֶשַׁע אֶרֶץ
ג רַבִּים שָׂרֶיהָ וּבְאָדָם מֵבִין יֹדֵעַ כֵּן יַאֲרִיךְ׃ גֶּבֶר רָשׁ וְעֹשֵׁק
ד דַּלִּים מָטָר סֹחֵף וְאֵין לָחֶם׃ עֹזְבֵי תוֹרָה יְהַלְלוּ רָשָׁע
ה וְשֹׁמְרֵי תוֹרָה יִתְגָּרוּ בָם׃ אַנְשֵׁי־רָע לֹא־יָבִינוּ מִשְׁפָּט
ו וּמְבַקְשֵׁי יְהוָה יָבִינוּ כֹל׃ טוֹב־רָשׁ הוֹלֵךְ בְּתֻמּוֹ מֵעִקֵּשׁ
ז דְּרָכַיִם וְהוּא עָשִׁיר׃ נוֹצֵר תּוֹרָה בֵּן מֵבִין וְרֹעֶה זוֹלְלִים
ח יַכְלִים אָבִיו׃ מַרְבֶּה הוֹנוֹ בְּנֶשֶׁךְ וּבְתַרְבִּית לְחוֹנֵן דַּלִּים
ט יִקְבְּצֶנּוּ׃ מֵסִיר אָזְנוֹ מִשְּׁמֹעַ תּוֹרָה גַּם־תְּפִלָּתוֹ תּוֹעֵבָה׃
י מַשְׁגֶּה יְשָׁרִים ׀ בְּדֶרֶךְ רָע בִּשְׁחוּתוֹ הוּא־יִפּוֹל וּתְמִימִים
יא יִנְחֲלוּ־טוֹב׃ חָכָם בְּעֵינָיו אִישׁ עָשִׁיר וְדַל מֵבִין יַחְקְרֶנּוּ׃
יב בַּעֲלֹץ צַדִּיקִים רַבָּה תִפְאָרֶת וּבְקוּם רְשָׁעִים יְחֻפַּשׂ אָדָם׃
יג יד מְכַסֶּה פְשָׁעָיו לֹא יַצְלִיחַ וּמוֹדֶה וְעֹזֵב יְרֻחָם׃ אַשְׁרֵי אָדָם
טו מְפַחֵד תָּמִיד וּמַקְשֶׁה לִבּוֹ יִפּוֹל בְּרָעָה׃ אֲרִי־נֹהֵם וְדֹב
טז שׁוֹקֵק מוֹשֵׁל רָשָׁע עַל עַם־דָּל׃ נָגִיד חֲסַר תְּבוּנוֹת וְרַב
יז מַעֲשַׁקּוֹת שֹׂנֵא בֶצַע יַאֲרִיךְ יָמִים׃ אָדָם עָשֻׁק בְּדַם־
יח נָפֶשׁ עַד־בּוֹר יָנוּס אַל־יִתְמְכוּ־בוֹ׃ הוֹלֵךְ תָּמִים יִוָּשֵׁעַ
יט וְנֶעְקַשׁ דְּרָכַיִם יִפּוֹל בְּאֶחָת׃ עֹבֵד אַדְמָתוֹ יִשְׂבַּע־לָחֶם
כ וּמְרַדֵּף רֵיקִים יִשְׂבַּע־רִישׁ׃ אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב־בְּרָכוֹת וְאָץ
כא לְהַעֲשִׁיר לֹא יִנָּקֶה׃ הַכֵּר־פָּנִים לֹא־טוֹב וְעַל־פַּת־לֶחֶם
כב יִפְשַׁע־גָּבֶר׃ נִבְהָל לַהוֹן אִישׁ רַע עָיִן וְלֹא־יֵדַע כִּי־חֶסֶר
כג יְבֹאֶנּוּ׃ מוֹכִיחַ אָדָם אַחֲרַי חֵן יִמְצָא מִמַּחֲלִיק לָשׁוֹן׃
כד גּוֹזֵל ׀ אָבִיו וְאִמּוֹ וְאֹמֵר אֵין־פָּשַׁע חָבֵר הוּא לְאִישׁ מַשְׁחִית׃
כה כו רְחַב־נֶפֶשׁ יְגָרֶה מָדוֹן וּבוֹטֵחַ עַל־יְהוָה יְדֻשָּׁן׃ בּוֹטֵחַ בְּלִבּוֹ
כז הוּא כְסִיל וְהוֹלֵךְ בְּחָכְמָה הוּא יִמָּלֵט׃ נוֹתֵן לָרָשׁ אֵין

כח, ג׳ בס״א עשק   ח׳ יחיד ב   טז׳ יתיר י   יז׳ ד׳ זעירא

20 אַן ערלעכער מענטש קריגט פיל ברכות,
אָבער דער וואָס וויל גיך רייך ווערן וועט ניט אָפּקומען גלאַט.
21 פון שאַנעווען קומט ניט אַרויס קיין גוטס,
אָבער אום אַ שטיקל ברויט פאַרזינדיקט זיך דער מענטש.
22 פאַרהאַוועט נאָך רייכטום איז אַ מענטש אַ ניט פאַרגינער,
און ער ווייס ניט אַז די נויט וועט קומען אויף אים.
23 דער וואָס שטראָפט עמיצן, וועט שפּעטער געפינען מער חן
ווי דער וואָס האָט אַ גלאַטע צונג.
24 דער וואָס באַגזלט זיין פאָטער און זיין מוטער,
און זאָגט: „עס איז ניט קיין פאַרברעך",
ער איז אַ חבר צו אַ מענטשן אַן אומברענגער.
25 דער וואָס האָט אַ פאַרלאַנגערישע זעל, מאַכט אָן קריג,
אָבער דער וואָס פאַרזיכערט זיך אויף גאָט, ווערט געזעטיקט.
26 דער וואָס איז בטוח אין זיין האַרצן, ער איז אַ נאַר,
און דער וואָס גייט מיט חכמה, וועט אַנטרונען ווערן.
27 דעם וואָס גיט דעם אָרימאַן וועט ניט פעלן,

כח מַחְסוֹר וּמַעְלִים עֵינָיו רַב־מְאֵרוֹת׃ בְּקוּם רְשָׁעִים יִסָּתֵר
אָדָם וּבְאָבְדָם יִרְבּוּ צַדִּיקִים׃

כט

א אִישׁ תּוֹכָחוֹת מַקְשֶׁה־עֹרֶף פֶּתַע יִשָּׁבֵר וְאֵין מַרְפֵּא׃
ב בִּרְבוֹת צַדִּיקִים יִשְׂמַח הָעָם וּבִמְשֹׁל רָשָׁע יֵאָנַח עָם׃
ג אִישׁ־אֹהֵב חָכְמָה יְשַׂמַּח אָבִיו וְרֹעֶה זוֹנוֹת יְאַבֶּד־הוֹן׃
ד ה מֶלֶךְ בְּמִשְׁפָּט יַעֲמִיד אָרֶץ וְאִישׁ תְּרוּמוֹת יֶהֶרְסֶנָּה׃ גֶּבֶר
ו מַחֲלִיק עַל־רֵעֵהוּ רֶשֶׁת פּוֹרֵשׂ עַל־פְּעָמָיו׃ בְּפֶשַׁע אִישׁ
ז רָע מוֹקֵשׁ וְצַדִּיק יָרוּן וְשָׂמֵחַ׃ יֹדֵעַ צַדִּיק דִּין דַּלִּים רָשָׁע
ח לֹא־יָבִין דָּעַת׃ אַנְשֵׁי לָצוֹן יָפִיחוּ קִרְיָה וַחֲכָמִים יָשִׁיבוּ
ט אָף׃ אִישׁ־חָכָם נִשְׁפָּט אֶת־אִישׁ אֱוִיל וְרָגַז וְשָׂחַק וְאֵין
י נָחַת׃ אַנְשֵׁי דָמִים יִשְׂנְאוּ־תָם וִישָׁרִים יְבַקְשׁוּ נַפְשׁוֹ׃
יא יב כָּל־רוּחוֹ יוֹצִיא כְסִיל וְחָכָם בְּאָחוֹר יְשַׁבְּחֶנָּה׃ מֹשֵׁל
יג מַקְשִׁיב עַל־דְּבַר־שָׁקֶר כָּל־מְשָׁרְתָיו רְשָׁעִים׃ רָשׁ וְאִישׁ
יד תְּכָכִים נִפְגָּשׁוּ מֵאִיר עֵינֵי שְׁנֵיהֶם יְהוָה׃ מֶלֶךְ שׁוֹפֵט
טו בֶּאֱמֶת דַּלִּים כִּסְאוֹ לָעַד יִכּוֹן׃ שֵׁבֶט וְתוֹכַחַת יִתֵּן חָכְמָה
טז וְנַעַר מְשֻׁלָּח מֵבִישׁ אִמּוֹ׃ בִּרְבוֹת רְשָׁעִים יִרְבֶּה־פָּשַׁע
יז וְצַדִּיקִים בְּמַפַּלְתָּם יִרְאוּ׃ יַסֵּר בִּנְךָ וִינִיחֶךָ וְיִתֵּן מַעֲדַנִּים
יח לְנַפְשֶׁךָ׃ בְּאֵין חָזוֹן יִפָּרַע עָם וְשֹׁמֵר תּוֹרָה אַשְׁרֵהוּ׃
יט כ בִּדְבָרִים לֹא־יִוָּסֶר עָבֶד כִּי־יָבִין וְאֵין מַעֲנֶה׃ חָזִיתָ אִישׁ
כא אָץ בִּדְבָרָיו תִּקְוָה לִכְסִיל מִמֶּנּוּ׃ מְפַנֵּק מִנֹּעַר עַבְדּוֹ
כב וְאַחֲרִיתוֹ יִהְיֶה מָנוֹן׃ אִישׁ אַף יְגָרֶה מָדוֹן וּבַעַל חֵמָה
כג רַב־פָּשַׁע׃ גַּאֲוַת אָדָם תַּשְׁפִּילֶנּוּ וּשְׁפַל־רוּחַ יִתְמֹךְ כָּבוֹד׃
כד כה חוֹלֵק עִם־גַּנָּב שׂוֹנֵא נַפְשׁוֹ אָלָה יִשְׁמַע וְלֹא יַגִּיד׃ חֶרְדַּת
כו אָדָם יִתֵּן מוֹקֵשׁ וּבוֹטֵחַ בַּיהוָה יְשֻׂגָּב׃ רַבִּים מְבַקְשִׁים
כז פְנֵי־מוֹשֵׁל וּמֵיְהוָה מִשְׁפַּט־אִישׁ׃ תּוֹעֲבַת צַדִּיקִים אִישׁ
עָוֶל וְתוֹעֲבַת רָשָׁע יְשַׁר־דָּרֶךְ׃

אָבער דער וואָס פאַרהוילט זיינע אויגן, וועט קריגן
פיל קללות.

28 אַז די רשעים שטייען אויף, באַהאַלטן זיך די מענטשן,
און אַז זיי גייען אונטער, מערן זיך די צדיקים.

כט

1 אַ מענטש אַ געמוסרטער וואָס מאַכט האַרט זיין נאַקן,
וועט פּלוצלינג צעבראָכן ווערן אַז קיין היילונג וועט ניט זיין.

2 אַז די צדיקים מערן זיך, פרייט זיך דאָס פאָלק,
אָבער אַז דער רשע געוועלטיקט, זיפצט דאָס פאָלק.

3 אַ מענטש וואָס האָט ליב חכמה, דערפרייט זיין פאָטער,
אָבער דער וואָס חברט זיך מיט זונות, ברענגט אויס דעם פאַרמעג.

4 אַ מלך האַלט אויף מיט גערעכטיקייט דאָס לאַנד,
און דער בעלן אויף מתנות צעשטערט עס.

5 דער מענטש וואָס חנפעט זיין חבר,
שפּרייט אויס אַ נעץ פאַר זיינע טריט.

6 אין דעם פאַרברעך פון דעם שלעכטן מענטשן איז אַ שטרויכלונג,
אָבער דער צדיק זינגט און איז פריילעך.

7 דער צדיק ווייס דאָס רעכט פון די אָרימע,
דער רשע קימערט זיך ניט צו וויסן.

8 לייט פון שפּאָט בלאָזן־אויף די שטאָט,
אָבער קלוגע האַלטן אָפּ דעם צאָרן.

9 אַז אַ קלוגער מענטש טענהט מיט אַ נאַרן,
סיי ער בייזערט זיך, סיי ער שמייכלט, האָט ער ניט קיין נחת.

10 בלוטיקע לייט האָבן פיינט דעם אומשולדיקן,
אָבער די רעכטפאַרטיקע גאַרן נאָך אים.

11 זיין גאַנץ געמיט לאָזט אַרויס דער נאַר,
אָבער דער חכם האַלט עס צוריק.

12 אַ געוועלטיקער וואָס האָרכט צו גערייד פון ליגן,
זיינען אַלע זיינע משרתים רשעים.

13 דער אָרימאַן און דער דריקער שטויסן זיך אָן איינאַנדער,
אָבער דער דערלייכטער פון ביידנס אויגן איז גאָט.

14 אַ מלך וואָס משפּט מיט אמת די אָרימע,
וועט זיין טראָן באַשטיין שטענדיק.

15 די רוט און מוסר גיבן חכמה,
און אַ לויזגעלאָזט יינגל ברענגט שאַנד זיין מוטער.

16 אַז די רשעים מערן זיך, מערט זיך פאַרברעך,
אָבער די צדיקים וועלן זען זייער מפּלה.

17 שטראָף דיין זון, און ער וועט דיר אָנטאָן נחת,
און געבן תענוג צו דיין זעל.

18 אָן אַ זעאונג ווערט דאָס פאָלק פאַרווילדערט,
און דער וואָס היט די תורה, אַז וויל איז צו אים!

19 מיט ווערטער קען אַ קנעכט ניט אויסגעמוסרט ווערן,
וואָרום ער מעג פאַרשטיין, אָבער פאָלגן וועט ער ניט.

20 זעסטו אַ מענטשן האַסטיק מיט זיינע ווערטער,
איז דאָ מער האָפענונג פאַר אַ נאַרן ווי פאַר אים.

21 דער וואָס פאַרצערטלט פון יוגנט זיין קנעכט,
וועט ער צום סוף ווערן אַן אויבערהאַר.

22 אַ צאָרנדיקער מענטש מאַכט אָן קריג,
און אַ כעסן באַגייט פיל פאַרברעכן.

23 די גאווה פון אַ מענטשן דערנידערט אים,
און דער וואָס איז שפל אין געמיט וועט קריגן כבוד.

24 דער וואָס טיילט זיך מיט אַ גנב, איז אַ שונא זיך אַליין:
ער הערט די קללה, און זאָגט ניט אויס.

25 מורא פאַר אַ מענטשן לייגט אַ שטרויכלונג,
אָבער דער וואָס פאַרזיכערט זיך אויף גאָט, ווערט באַשיצט.

26 פיל זוכן דעם פּנים פון דעם געוועלטיקער,
אָבער פון גאָט איז דעם מענטשנס משפּט.

27 אַן אומווערדיקייט ביי די צדיקים איז דער מאַן פון אומרעכט,
און אַן אומווערדיקייט ביי די רשעים, דער וואָס זיין וועג איז גלייך.

ל 1 די ווערטער פון אָגור דער זון פון יָקֶהן; אַ מוסר.
דער מאַן האָט געזאָגט צו איתיאֵלן,
צו איתיאֵלן און אוכָלן:
2 פאַרוואָר, איך בין פאַרגרעבטער פון איטלעכן,
און איך האָב ניט קיין פאַרשטאַנדיקייט פון אַ מענטשן,
3 און איך האָב ניט געלערנט קיין חכמה,
אַז דערקענונג פון הייליקן זאָל איך וויסן.
4 ווער איז אַרויף אויפן הימל, און אַראָפּגענידערט?
ווער האָט געזאַמלט דעם ווינט אין זיינע פויסטן?
ווער האָט איינגעבונדן די וואַסערן אין אַ טוך?
ווער האָט אויפגעשטעלט אַלע עקן פון דער ערד?
וואָס איז זיין נאָמען?
און וואָס איז דער נאָמען פון זיין זון, אויב דו ווייסט?

5 איטלעך וואָרט פון גאָט איז געלייטערט;
ער איז אַ שילד פאַר די וואָס שיצן זיך אין אים.
6 זאָלסט ניט צולייגן צו זיינע ווערטער,
כּדי ער זאָל דיך ניט פאַרהאַלטן, און ווערסט בלייבן
אַ ליגנער.

7 צוויי זאַכן בעט איך ביי דיר,
זאָלסט זיי ניט פאַרמיידן פון מיר, איידער איך
שטאַרב:
8 פאַלשקייט און ווערטער פון ליגן דערווייטער פון
מיר;
ניט אָרימקייט און ניט עשירות זאָלסטו מיר געבן,
שפּייז מיך מיט ברויט פאַר מיין אויסקומעניש;
9 כּדי איך זאָל ניט ווערן צו זאַט,
און לייקענען, און זאָגן: ווער איז גאָט?
און כּדי איך זאָל ניט ווערן צו אָרים,
און גנבען, און אָנרירן דעם נאָמען פון מיין גאָט.

10 זאָלסט ניט פאַרמסרן אַ קנעכט פאַר זיין האַר,
וואָרום ער וועט דיך שילטן, און ווערסט זיך פאַר־
שולדיקן.

11 פאַראַן אַ דור וואָס שילט זיין פאָטער,
און בענטשט ניט זיין מוטער.
12 פאַראַן אַ דור ריין אין זיינע אויגן,
און פון זיין קויט ניט אָפּגעוואַשן.
13 פאַראַן אַ דור — ווי הויך זיינען זיינע אויגן!
און זיינע ברעמען ווי אויפגעהויבן!
14 פאַראַן אַ דור וואָס זיינע ציין זיינען שווערדן,
און זיינע באַקציינער, מעסערס,
צו פאַרצערן די אָרימע אויסן לאַנד,
און די אביונים פון צווישן מענטשן.

15 פון עֲלוּקָהן: פאַראַן צוויי טעכטער: „גיב! גיב!“
פאַראַן דריי וואָס ווערן ניט זאַט,
פיר וואָס זאָגן ניט „גענוג“:
16 די אונטערערד, די מאַכט פון דער פרוי,
די ערד וואָס ווערט ניט זאַט מיט וואַסער,
און דאָס פייער וואָס זאָגט ניט „גענוג“.

17 דאָס אויג וואָס שפּאָט פון אַ פאָטער,
און פאַראַכט צו געהאָרכן אַ מוטער,
זאָלן עס אויספּיקן די ראָבן פון טאָל,
און זאָלן עס אויפעסן די קינדער פון אָדלער.

## ל

א דִּבְרֵי ׀ אָגוּר בִּן־יָקֶה הַמַּשָּׂא נְאֻם הַגֶּבֶר לְאִיתִיאֵל לְאִיתִיאֵל
ב ג וְאֻכָל׃ כִּי בַעַר אָנֹכִי מֵאִישׁ וְלֹא־בִינַת אָדָם לִי׃ וְלֹא־
ד לָמַדְתִּי חָכְמָה וְדַעַת קְדֹשִׁים אֵדָע׃ מִי עָלָה־שָׁמַיִם ׀ וַיֵּרַד
מִי אָסַף־רוּחַ ׀ בְּחָפְנָיו מִי צָרַר־מַיִם ׀ בַּשִּׂמְלָה מִי הֵקִים
ה כָּל־אַפְסֵי־אָרֶץ מַה־שְּׁמוֹ וּמַה־שֶּׁם־בְּנוֹ כִּי תֵדָע׃ כָּל־
ו אִמְרַת אֱלוֹהַּ צְרוּפָה מָגֵן הוּא לַחֹסִים בּוֹ׃ אַל־תּוֹסְףְּ
ז עַל־דְּבָרָיו פֶּן־יוֹכִיחַ בְּךָ וְנִכְזָבְתָּ׃ שְׁתַּיִם שָׁאַלְתִּי
ח מֵאִתָּךְ אַל־תִּמְנַע מִמֶּנִּי בְּטֶרֶם אָמוּת׃ שָׁוְא ׀ וּדְבַר־כָּזָב
הַרְחֵק מִמֶּנִּי רֵאשׁ וָעֹשֶׁר אַל־תִּתֶּן־לִי הַטְרִיפֵנִי לֶחֶם חֻקִּי׃
ט פֶּן־אֶשְׂבַּע ׀ וְכִחַשְׁתִּי וְאָמַרְתִּי מִי יְהוָה וּפֶן־אִוָּרֵשׁ וְגָנַבְתִּי
י וְתָפַשְׂתִּי שֵׁם אֱלֹהָי׃ אַל־תַּלְשֵׁן עֶבֶד אֶל־אֲדֹנָו פֶּן־
יא יְקַלֶּלְךָ וְאָשָׁמְתָּ׃ דּוֹר אָבִיו יְקַלֵּל וְאֶת־אִמּוֹ לֹא יְבָרֵךְ׃
יב יג דּוֹר טָהוֹר בְּעֵינָיו וּמִצֹּאָתוֹ לֹא רֻחָץ׃ דּוֹר מָה־רָמוּ עֵינָיו
יד וְעַפְעַפָּיו יִנָּשֵׂאוּ׃ דּוֹר ׀ חֲרָבוֹת שִׁנָּיו וּמַאֲכָלוֹת מְתַלְּעֹתָיו
טו לֶאֱכֹל עֲנִיִּים מֵאֶרֶץ וְאֶבְיוֹנִים מֵאָדָם׃ לַעֲלוּקָה ׀
שְׁתֵּי בָנוֹת הַב ׀ הַב שָׁלוֹשׁ הֵנָּה לֹא תִשְׂבַּעְנָה אַרְבַּע לֹא־
טז אָמְרוּ הוֹן׃ שְׁאוֹל וְעֹצֶר רָחַם אֶרֶץ לֹא־שָׂבְעָה מַּיִם וְאֵשׁ
יז לֹא־אָמְרָה הוֹן׃ עַיִן ׀ תִּלְעַג לְאָב וְתָבוּז לִיקְּהַת־אֵם יִקְּרוּהָ
יח עֹרְבֵי־נַחַל וְיֹאכְלוּהָ בְנֵי־נָשֶׁר׃ שְׁלֹשָׁה הֵמָּה נִפְלְאוּ
יט מִמֶּנִּי וְאַרְבָּעָ לֹא יְדַעְתִּים׃ דֶּרֶךְ הַנֶּשֶׁר ׀ בַּשָּׁמַיִם דֶּרֶךְ
נָחָשׁ עֲלֵי צוּר דֶּרֶךְ־אֳנִיָּה בְלֶב־יָם וְדֶרֶךְ גֶּבֶר בְּעַלְמָה׃
כ כֵּן ׀ דֶּרֶךְ אִשָּׁה מְנָאָפֶת אָכְלָה וּמָחֲתָה פִיהָ וְאָמְרָה לֹא־
כא פָעַלְתִּי אָוֶן׃ תַּחַת שָׁלוֹשׁ רָגְזָה אֶרֶץ וְתַחַת אַרְבַּע
כב לֹא־תוּכַל שְׂאֵת׃ תַּחַת עֶבֶד כִּי יִמְלוֹךְ וְנָבָל כִּי יִשְׂבַּע־
כג לָחֶם׃ תַּחַת שְׂנוּאָה כִּי תִבָּעֵל וְשִׁפְחָה כִּי־תִירַשׁ גְּבִרְתָּהּ׃
כד אַרְבָּעָה הֵם קְטַנֵּי־אָרֶץ וְהֵמָּה חֲכָמִים מְחֻכָּמִים׃

ו׳ ף רגושה ח׳ בס״א כזב הרחק ממני י׳ אדניו קרי
טו׳ ב׳ זעירא יח׳ וארבעה קרי כא׳ כצ״ל באתנח

18 פאַראַן דריי וואָס זיינען פאַרהוילן פון מיר,
יאָ, פיר וואָס איך פאַרשטיי זיי ניט:
19 דער וועג פון אָדלער אין הימל,
דער וועג פון דער שלאַנג אויף אַ פעלז,
דער וועג פון אַ שיף אין מיטן ים,
און דער וועג פון אַ מאַן מיט אַ יונגפרוי.

20 אַזוי איז דער שטייגער פון אַ פרוי אַ נואפטע:
זי עסט און ווישט אָפּ איר מויל,
און זאָגט: איך האָב ניט געטאָן קיין בייז.

21 אונטער דריַיען ציטערט די ערד,
יאָ, אונטער פירן קען זי ניט אויסהאַלטן:
22 אונטער אַ קנעכט, אַז ער ווערט אַ מלך,
און אַ מנוול, אַז ער האָט ברויט צו זאַט;
23 אונטער אַ מיאוסער, אַז זי קריגט אַ מאַן,
און אַ דינסט, אַז זי ירשעט איר האַרינטע.

24 פיר זיינען די קלענסטע אויף דער ערד,
און זיי זיינען די קליגסטע חכמים:

הַנְּמָלִים עַם לֹא־עָז וַיָּכִינוּ בַקַּיִץ לַחְמָם׃ שְׁפַנִּים עַם לֹא־ כה כו
עָצוּם וַיָּשִׂימוּ בַסֶּלַע בֵּיתָם׃ מֶלֶךְ אֵין לָאַרְבֶּה וַיֵּצֵא חֹצֵץ כז
כֻּלּוֹ׃ שְׂמָמִית בְּיָדַיִם תְּתַפֵּשׂ וְהִיא בְּהֵיכְלֵי מֶלֶךְ׃ כח
שְׁלֹשָׁה הֵמָּה מֵיטִיבֵי צָעַד וְאַרְבָּעָה מֵיטִבֵי לָכֶת׃ לַיִשׁ כט ל
גִּבּוֹר בַּבְּהֵמָה וְלֹא־יָשׁוּב מִפְּנֵי־כֹל׃ זַרְזִיר מָתְנַיִם אוֹ־תָיִשׁ לא
וּמֶלֶךְ אַלְקוּם עִמּוֹ׃ אִם־נָבַלְתָּ בְהִתְנַשֵּׂא וְאִם־זַמּוֹתָ יָד לב
לְפֶה׃ כִּי מִיץ חָלָב יוֹצִיא חֶמְאָה וּמִיץ־אַף יוֹצִיא דָם וּמִיץ לג
אַפַּיִם יוֹצִיא רִיב׃

## לא

דִּבְרֵי לְמוּאֵל מֶלֶךְ מַשָּׂא אֲשֶׁר־יִסְּרַתּוּ אִמּוֹ׃ מַה־בְּרִי א ב
וּמַה־בַּר־בִּטְנִי וּמֶה בַּר־נְדָרָי׃ אַל־תִּתֵּן לַנָּשִׁים חֵילֶךָ ג
וּדְרָכֶיךָ לַמְחוֹת מְלָכִין׃ אַל לַמְלָכִים ׀ לְמוֹאֵל אַל לַמְלָכִים ד
שְׁתוֹ־יָיִן וּלְרוֹזְנִים אֵו שֵׁכָר׃ פֶּן־יִשְׁתֶּה וְיִשְׁכַּח מְחֻקָּק ה
וִישַׁנֶּה דִּין כָּל־בְּנֵי־עֹנִי׃ תְּנוּ־שֵׁכָר לְאוֹבֵד וְיַיִן לְמָרֵי נָפֶשׁ׃ ו
יִשְׁתֶּה וְיִשְׁכַּח רִישׁוֹ וַעֲמָלוֹ לֹא יִזְכָּר־עוֹד׃ פְּתַח־פִּיךָ ז ח
לְאִלֵּם אֶל־דִּין כָּל־בְּנֵי חֲלוֹף׃ פְּתַח־פִּיךָ שְׁפָט־צֶדֶק וְדִין ט
עָנִי וְאֶבְיוֹן׃ אֵשֶׁת־חַיִל מִי יִמְצָא וְרָחֹק מִפְּנִינִים י
מִכְרָהּ׃ בָּטַח בָּהּ לֵב בַּעְלָהּ וְשָׁלָל לֹא יֶחְסָר׃ גְּמָלַתְהוּ יא יב
טוֹב וְלֹא־רָע כֹּל יְמֵי חַיֶּיהָ׃ דָּרְשָׁה צֶמֶר וּפִשְׁתִּים וַתַּעַשׂ יג
בְּחֵפֶץ כַּפֶּיהָ׃ הָיְתָה כָּאֳנִיּוֹת סוֹחֵר מִמֶּרְחָק תָּבִיא לַחְמָהּ׃ יד
וַתָּקָם ׀ בְּעוֹד לַיְלָה וַתִּתֵּן טֶרֶף לְבֵיתָהּ וְחֹק לְנַעֲרֹתֶיהָ׃ טו
זָמְמָה שָׂדֶה וַתִּקָּחֵהוּ מִפְּרִי כַפֶּיהָ נָטַע כָּרֶם׃ טז
חָגְרָה בְעוֹז מָתְנֶיהָ וַתְּאַמֵּץ זְרוֹעֹתֶיהָ׃ טָעֲמָה כִּי־טוֹב סַחְרָהּ יז יח
לֹא־יִכְבֶּה בַלַּיִל נֵרָהּ׃ יָדֶיהָ שִׁלְּחָה בַכִּישׁוֹר וְכַפֶּיהָ יט
תָּמְכוּ פָלֶךְ׃ כַּפָּהּ פָּרְשָׂה לֶעָנִי וְיָדֶיהָ שִׁלְּחָה לָאֶבְיוֹן׃ כ
לֹא־תִירָא לְבֵיתָהּ מִשָּׁלֶג כִּי כָל־בֵּיתָהּ לָבֻשׁ שָׁנִים׃ כא
מַרְבַדִּים עָשְׂתָה־לָּהּ שֵׁשׁ וְאַרְגָּמָן לְבוּשָׁהּ׃ נוֹדָע בַּשְּׁעָרִים כב כג

---

ל א, ד׳ אי קרי  טז׳ נטעה קרי  יח׳ בלילה קרי

[25] די מוראַזשקעס זיינען אַ פֿאָלק ניט שטאַרק,
און זיי גרייטן אָן אום זומער זייער שפּייז;
[26] די קיניגלס זיינען אַ פֿאָלק ניט מאַכטיק,
און זיי מאַכן אין פֿעלז זייער הויז;
[27] ניטאָ קיין מלך בּיי די הייששריקן,
און זיי גייען אַרויס אין מחנות אַלע;
[28] די שפּין קענסטו מיט די הענט אָננעמען,
און זי איז אין קיניגלעכע פּאַלאַצן.

[29] דריי האָבּן אַ שיינעם טראָט,
יאָ, פֿיר גייען שיין:
[30] דער לייבּ, דער שטאַרקסטער צווישן די חיות,
וואָס קערט זיך ניט אָפּ פֿאַר קיינעם;
[31] דער יאַכטהונט, און דער בּאָק;
און דער מלך, וואָס ניטאָ קעגן אים קיין בּאַשטאַנד.

[32] אויבּ דו האָסט זיך פֿאַרמיאוסט דורך איבּערנעמען זיך,
איז, אויבּ דו בּיסט איבּערלייגט, טו די האַנט אויפֿן
מויל,
[33] וואָרום דריקן מילך בּרענגט אַרויס פּוטער,
און דריקן די נאָז בּרענגט אַרויס בּלוט,
און דריקן צאָרן בּרענגט אַרויס קריג.

**לא** [1] די ווערטער פֿון מלך למואל, אַ מוסר וואָס
זיין מוטער האָט אים געלערנט.
[2] ניין, מיין זון! און ניין, זון פֿון מיין לייבּ,
און ניין, זון פֿון מיינע נדרים;
[3] זאָלסט ניט אַוועקגעבּן אויף ווייבּער דיין כּוח,
און דיינע וועגן אויף וואָס בּרענגט אום מלכים.
[4] ניט פֿאַר מלכים, למואל,
ניט פֿאַר מלכים איז טרינקען וויין,
און ווו פֿאַר פֿירשטן געטראַנק!
[5] כּדי זיי זאָלן ניט טרינקען און פֿאַרגעסן דאָס געזעץ,
און פֿאַרדרייען דעם משפּט פֿון אַלע געדריקטע.
[6] גיט געטראַנק צום פֿאַרלאָרענעם,
און וויין צו די פֿאַרבּיטערטע אין געמיט.

[7] זאָל ער טרינקען און פֿאַרגעסן זיין אָרימקייט
און זיין מאַטערניש מער ניט געדענקען.
[8] עפֿן דיין מויל פֿאַר דעם שטומען,
פֿאַר דעם רעכט פֿון אַלע פֿאַרגייאיקע.
[9] עפֿן דיין מויל, משפּט מיט גערעכטיקייט,
און טו רעכט דעם אָרימאַן און דעם אביון.

א [10] אַן אֵשֶׁת־חיל ווער קען געפֿינען?
און העכער פֿון פּערל איז איר ווערט.
ב [11] דאָס האַרץ פֿון איר מאַן פֿאַרזיכערט זיך אויף
איר,
און אים פֿעלט ניט קיין אַיינקום.
ג [12] זי טוט אים גוטס און ניט שלעכטס,
אַלע טעג פֿון איר לעבּן.
ד [13] זי זוכט אויף וואָל און פֿלאַקס,
און אַרבּעט מיט אירע ווילִיקע הענט.
ה [14] זי איז אַזוי ווי די האַנדלשיפֿן,
פֿון דער ווייטן בּרענגט זי איר בּרויט.
ו [15] און זי שטייט אויף ווען נאָך נאַכט,
און גרייט צו שפּייז פֿאַר איר הויזגעזינט,
און די אויסקומעניש פֿאַר אירע דינסטמיידלעך.
ז [16] זי פֿאַרטראַכט אַ פֿעלד, און קויפֿט עס,
פֿון דער פֿרוכט פֿון אירע הענט פֿלאַנצט זי אַ
ווייַנגאָרטן.
ח [17] זי גורט אָן מיט קראַפֿט אירע לענדן,
און זי שטאַרקט אירע אָרעמס.
ט [18] זי מערקט אַז איר פֿאַרדינסט איז גוט;
ניט פֿאַרלאָשן בּיי נאַכט ווערט איר ליכט.
י [19] אירע הענט לייגט זי צום שפּינראָד,
און אירע האַנטפֿלעכן האַלטן דעם שפּינדל.
כ [20] איר האַנטפֿלעך שפּרייט זי אויס צום אָרימאַן,
און אירע הענט שטרעקט זי אויס צום אביון.
ל [21] זי האָט ניט מורא וועגן איר הויזגעזינט פֿאַר שניי,
וואָרום איר גאַנץ הויזגעזינט איז אָנגעטאָן אין רויט־
געוואַנט.
מ [22] דעקן מאַכט זי זיך,
פֿיינליינען און פּורפּל איז איר מלבּוש.
נ [23] בּאַקאַנט אין די טויערן איז איר מאַן,

ווען ער זיצט מיט די עלטסטע פון לאַנד.
ס [24] אַ ליינענטוך מאַכט זי און פאַרקויפט,
און גאַרטלען שטעלט זי צו דעם האַנדלסמאַן.
ע [25] שטאַרקייט און שיינקייט איז איר מלבוש,
און זי לאַכט פון שפּעטערדיקן טאָג.
פ [26] איר מויל עפנט זי מיט חכמה,
און די לערנונג פון גענאָד איז אויף איר צונג.
צ [27] זי קוקט נאָך דעם גאַנג פון איר הויז,
און זי עסט ניט דאָס ברויט פון פוילקייט.
ק [28] אירע קינדער שטייען אויף און לויבן זי,
איר מאַן — און ער רימט זי:
ר [29] „פיל טעכטער האָבן אויפגעטאָן בְּרָיֶהשאַפט,
אָבער דו שטייגסט זיי אַלע אַריבער".
ש [30] חן איז אַן אָפּנאַר, און שיינקייט איז נישטיק,

כד בַּעְלָהּ בְּשִׁבְתּוֹ עִם־זִקְנֵי־אָרֶץ׃ סָדִין עָשְׂתָה וַתִּמְכֹּר וַחֲגוֹר
כה נָתְנָה לַכְּנַעֲנִי׃ עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן׃
כו כז פִּיהָ פָּתְחָה בְחָכְמָה וְתוֹרַת־חֶסֶד עַל־לְשׁוֹנָהּ׃ צוֹפִיָּה
כח הֲילָכוֹת בֵּיתָהּ וְלֶחֶם עַצְלוּת לֹא תֹאכֵל׃ קָמוּ בָנֶיהָ
כט וַיְאַשְּׁרוּהָ בַּעְלָהּ וַיְהַלְלָהּ׃ רַבּוֹת בָּנוֹת עָשׂוּ חָיִל וְאַתְּ עָלִית
ל עַל־כֻּלָּנָה׃ שֶׁקֶר הַחֵן וְהֶבֶל הַיֹּפִי אִשָּׁה יִרְאַת־יְהוָה הִיא
לא תִתְהַלָּל׃ תְּנוּ־לָהּ מִפְּרִי יָדֶיהָ וִיהַלְלוּהָ בַשְּׁעָרִים מַעֲשֶׂיהָ׃

כז׳ הליכות קרי

אַ גאָטספאָרכטיקע ווייב, זי זאָל געריִמט ווערן.
ת [31] גיט איר פון דער פרוכט פון אירע הענט,
און זאָלן אירע מעשׂים זי רימען אין די טויערן.

# חזק

סכום פסוקים של ספר משלי. תשע מאות וחמשה עשר. ותשר דבורה סימן. וחציו לפני שבר גאון. וסדריו שמונה. אז תלך לבטח דרכך סימן׃

# אִיּוֹב

א אִישׁ הָיָה בְאֶרֶץ־עוּץ אִיּוֹב שְׁמוֹ וְהָיָה ׀ הָאִישׁ הַהוּא תָּם
ב וְיָשָׁר וִירֵא אֱלֹהִים וְסָר מֵרָע׃ וַיִּוָּלְדוּ לוֹ שִׁבְעָה בָנִים
ג וְשָׁלוֹשׁ בָּנוֹת׃ וַיְהִי מִקְנֵהוּ שִׁבְעַת אַלְפֵי־צֹאן וּשְׁלֹשֶׁת
אַלְפֵי גְמַלִּים וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת צֶמֶד־בָּקָר וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת
אֲתוֹנוֹת וַעֲבֻדָּה רַבָּה מְאֹד וַיְהִי הָאִישׁ הַהוּא גָּדוֹל מִכָּל־
ד בְּנֵי־קֶדֶם׃ וְהָלְכוּ בָנָיו וְעָשׂוּ מִשְׁתֶּה בֵּית אִישׁ יוֹמוֹ
וְשָׁלְחוּ וְקָרְאוּ לִשְׁלֹשֶׁת אַחְיֹתֵיהֶם לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת עִמָּהֶם׃
ה וַיְהִי כִּי הִקִּיפוּ יְמֵי הַמִּשְׁתֶּה וַיִּשְׁלַח אִיּוֹב וַיְקַדְּשֵׁם וְהִשְׁכִּים
בַּבֹּקֶר וְהֶעֱלָה עֹלוֹת מִסְפַּר כֻּלָּם כִּי אָמַר אִיּוֹב אוּלַי
חָטְאוּ בָנַי וּבֵרְכוּ אֱלֹהִים בִּלְבָבָם כָּכָה יַעֲשֶׂה אִיּוֹב כָּל־
ו הַיָּמִים׃ וַיְהִי הַיּוֹם וַיָּבֹאוּ בְּנֵי הָאֱלֹהִים לְהִתְיַצֵּב עַל־יְהוָה
ז וַיָּבוֹא גַם־הַשָּׂטָן בְּתוֹכָם׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־הַשָּׂטָן מֵאַיִן
תָּבֹא וַיַּעַן הַשָּׂטָן אֶת־יְהוָה וַיֹּאמַר מִשּׁוּט בָּאָרֶץ וּמֵהִתְהַלֵּךְ
ח בָּהּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־הַשָּׂטָן הֲשַׂמְתָּ לִבְּךָ עַל־עַבְדִּי אִיּוֹב
כִּי אֵין כָּמֹהוּ בָּאָרֶץ אִישׁ תָּם וְיָשָׁר יְרֵא אֱלֹהִים וְסָר
ט מֵרָע׃ וַיַּעַן הַשָּׂטָן אֶת־יְהוָה וַיֹּאמַר הַחִנָּם יָרֵא אִיּוֹב
י אֱלֹהִים׃ הֲלֹא אַתְּ שַׂכְתָּ בַעֲדוֹ וּבְעַד־בֵּיתוֹ וּבְעַד כָּל־
אֲשֶׁר־לוֹ מִסָּבִיב מַעֲשֵׂה יָדָיו בֵּרַכְתָּ וּמִקְנֵהוּ פָּרַץ בָּאָרֶץ׃
יא וְאוּלָם שְׁלַח־נָא יָדְךָ וְגַע בְּכָל־אֲשֶׁר־לוֹ אִם־לֹא עַל־פָּנֶיךָ
יב יְבָרְכֶךָּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־הַשָּׂטָן הִנֵּה כָל־אֲשֶׁר־לוֹ בְּיָדֶךָ

י׳ אתה קרי

א [1] עס איז געווען אַ מאַן אין לאַנד עוץ וואָס זיין נאָמען איז געווען איוב; און דערדאָזיקער מאַן איז געווען ערלעך און רעכטפאַרטיק, און גאָטספאָרכטיק, און אָפּגעקערט פון שלעכטס. [2] און עס זיינען געבאָרן געוואָרן ביי אים זיבן זין און דריי טעכטער. [3] און זיין אייגנס איז געווען זיבן טויזנט שאָף, און דריי טויזנט קעמלען, און פינף הונדערט געשפאַן רינדער, און פינף הונדערט אייזעלינס, און זייער אַ סך קנעכט; און דערדאָזיקער מאַן איז געווען גרעסער פון אַלע קינדער פון מזרח.

[4] און זיינע זין פלעגן גיין און מאַכן אַ מאָלצייט ביי איטלעכן אין הויז אין זיין טאָג, און זיי פלעגן שיקן און רופן זייערע דריי שוועסטער, צו עסן און צו טרינקען מיט זיי. [5] און עס איז געווען, אַז ווי די טעג פון דעם מאָלצייט האָבן זיך אַרומגעדרייט, אַזוי האָט איוב געשיקט און האָט זיי געהייליקט, און ער פלעגט זיך פעדערן אין דער פרי, און אויפברענגען בראַנדאָפּפער לויט דער צאָל פון זיי אַלעמען, וואָרום איוב האָט געזאָגט: אפשר האָבן מיינע קינדער געזינדיקט, און זיי האָבן געלעסטערט גאָט אין זייער האַרצן. אַזוי פלעגט איוב טאָן אַלע מאָל.

[6] און עס איז געווען דער טאָג, ווען די זין פון גאָט[א] זיינען געקומען זיך שטעלן פאַר גאָט, און אויך דער שׂטן איז געקומען צווישן זיי. [7] האָט גאָט געזאָגט צום שׂטן: פון וואַנען קומסטו? האָט דער שׂטן געענטפערט גאָט, און האָט געזאָגט: פון וואַנדערן איבער דער ערד און פון אַרומגיין אויף איר. [8] האָט גאָט געזאָגט צום שׂטן: האָסטו אַכט געטאָן אויף מיין קנעכט איובן, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ ווי ער אויף דער ערד, אַ מאַן ערלעך און רעכטפאַרטיק, גאָטספאָרכטיק און אָפּגעקערט פון שלעכטס? [9] האָט דער שׂטן געענטפערט גאָט, און האָט געזאָגט: איז דען אומזיסט איוב גאָטספאָרכטיק? [10] האָסטו ניט אַרומגעצאַמט אים און זיין הויזגעזינט און אַלץ וואָס איז זיינס רונד אַרום? די אַרבעט פון זיינע הענט האָסטו געבענטשט, און זיין אייגנס איז פאַר־שפּרייט איבערן לאַנד. [11] אָבער שטרעק אַקאָרשט אויס דיין האַנט, און ריר אָן עפּעס וואָס איז זיינס, אויב ער וועט ניט אין דיין פּנים דיך לעסטערן. [12] האָט גאָט געזאָגט צום שׂטן: אָט איז אַלץ וואָס איז זיינס אין דיין האַנט, נאָר אויף אים זאָלסטו ניט אויסשטרעקן דיין האַנט.

א מלאָכים.

איז דער שׂטן אַרויסגעגאַנגען פון פאַר גאָט.

[13] און עס איז געווען איין טאָג, ווי זיינע זין און זיינע טעכטער עסן און טרינקען וויין אין הויז פון זייער עלטסטן ברודער, [14] אַזוי איז אַ שליח געקומען צו איובן, און האָט געזאָגט: די רינדער האָבן געאַקערט, און די אייזעלינס האָבן זיך געפּיטערט לעבן זיי, [15] זיינען באַפאַלן שבֿאָער, און האָבן זיי צוגענומען, און די יונגען האָבן זיי דערשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד און נאָר איך אַליין בין אַנטרונען געוואָרן דיר אָנצוזאָגן. [16] ווי דער רעדט נאָך, אַזוי איז אָנגעקומען אַן אַנדערער, און האָט געזאָגט: אַ פייער פון גאָט איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל, און האָט אָנגעצונדן די שאָף און די יונגען, און האָט זיי פאַרצערט, און נאָר איך אַליין בין אַנטרונען געוואָרן דיר אָנצוזאָגן. [17] ווי דער רעדט נאָך, אַזוי איז אָנגעקומען אַן אַנדערער, און האָט געזאָגט: כַּשׂדים האָבן געמאַכט דריי מחנות, און זיינען אָנגעפאַלן אויף די קעמלען, און האָבן זיי צוגענומען, און די יונגען האָבן זיי דערשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד, און נאָר איך אַליין בין אַנטרונען געוואָרן דיר אָנצוזאָגן. [18] ווי דער רעדט נאָך, אַזוי איז אָנגעקומען אַן אַנדערער, און האָט געזאָגט: דיינע זין און דיינע טעכטער האָבן געגעסן און געטרונקען וויין אין הויז פון זייער עלטסטן ברודער, [19] ערשט אַ גרויסער ווינט איז אָנגעקומען פון דער זייט פון מדבר, און האָט אָנגעכאַפּט די פיר ווינקלען פון הויז, און עס איז איינגעפאַלן אויף די יונגלייט, און זיי זיינען געשטאָרבן, און נאָר איך אַליין בין אַנטרונען געוואָרן דיר אָנצוזאָגן.

[20] איז איוב אויפגעשטאַנען, און האָט צעריסן זיין מאַנטל, און האָט אָפּגעשאָרן זיין קאָפּ, און איז געפאַלן אויף דער ערד, און האָט זיך געבוקט. [21] און ער האָט געזאָגט:

נאַקעט בין איך אַרויסגעגאַנגען פון מיין מוטערס לייב,
און נאַקעט וועל איך זיך אומקערן אַהין;
גאָט האָט געגעבן, און גאָט האָט צוגענומען,
געלויבט זאָל זיין דער נאָמען פון גאָט.

[22] ביי אַלעם דעם האָט איוב ניט געזינדיקט, און ניט געגעבן קיין לעסטערונג צו גאָט.

רַק אֵלָיו אַל־תִּשְׁלַח יָדֶךָ וַיֵּצֵא הַשָּׂטָן מֵעִם פְּנֵי יְהוָה׃
יג וַיְהִי הַיּוֹם וּבָנָיו וּבְנֹתָיו אֹכְלִים וְשֹׁתִים יַיִן בְּבֵית אֲחִיהֶם
יד הַבְּכוֹר׃ וּמַלְאָךְ בָּא אֶל־אִיּוֹב וַיֹּאמַר הַבָּקָר הָיוּ חֹרְשׁוֹת
טו וְהָאֲתֹנוֹת רֹעוֹת עַל־יְדֵיהֶם׃ וַתִּפֹּל שְׁבָא וַתִּקָּחֵם וְאֶת־
הַנְּעָרִים הִכּוּ לְפִי־חָרֶב וָאִמָּלְטָה רַק־אֲנִי לְבַדִּי לְהַגִּיד
טז לָךְ׃ עוֹד ׀ זֶה מְדַבֵּר וְזֶה בָּא וַיֹּאמַר אֵשׁ אֱלֹהִים נָפְלָה
מִן־הַשָּׁמַיִם וַתִּבְעַר בַּצֹּאן וּבַנְּעָרִים וַתֹּאכְלֵם וָאִמָּלְטָה
יז רַק־אֲנִי לְבַדִּי לְהַגִּיד לָךְ׃ עוֹד ׀ זֶה מְדַבֵּר וְזֶה בָּא
וַיֹּאמַר כַּשְׂדִּים שָׂמוּ ׀ שְׁלֹשָׁה רָאשִׁים וַיִּפְשְׁטוּ עַל־הַגְּמַלִּים
וַיִּקָּחוּם וְאֶת־הַנְּעָרִים הִכּוּ לְפִי־חָרֶב וָאִמָּלְטָה רַק־אֲנִי
יח לְבַדִּי לְהַגִּיד לָךְ׃ עַד זֶה מְדַבֵּר וְזֶה בָּא וַיֹּאמַר בָּנֶיךָ
יט וּבְנוֹתֶיךָ אֹכְלִים וְשֹׁתִים יַיִן בְּבֵית אֲחִיהֶם הַבְּכוֹר׃ וְהִנֵּה
רוּחַ גְּדוֹלָה בָּאָה ׀ מֵעֵבֶר הַמִּדְבָּר וַיִּגַּע בְּאַרְבַּע פִּנּוֹת
הַבַּיִת וַיִּפֹּל עַל־הַנְּעָרִים וַיָּמוּתוּ וָאִמָּלְטָה רַק־אֲנִי לְבַדִּי
כ לְהַגִּיד לָךְ׃ וַיָּקָם אִיּוֹב וַיִּקְרַע אֶת־מְעִלוֹ וַיָּגָז אֶת־רֹאשׁוֹ
כא וַיִּפֹּל אַרְצָה וַיִּשְׁתָּחוּ׃ וַיֹּאמֶר עָרֹם יָצָתִי מִבֶּטֶן אִמִּי וְעָרֹם
אָשׁוּב שָׁמָה יְהוָה נָתַן וַיהוָה לָקָח יְהִי שֵׁם יְהוָה מְבֹרָךְ׃
כב בְּכָל־זֹאת לֹא־חָטָא אִיּוֹב וְלֹא־נָתַן תִּפְלָה לֵאלֹהִים׃

ב

א וַיְהִי הַיּוֹם וַיָּבֹאוּ בְּנֵי הָאֱלֹהִים לְהִתְיַצֵּב עַל־יְהוָה וַיָּבוֹא
ב גַם־הַשָּׂטָן בְּתֹכָם לְהִתְיַצֵּב עַל־יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־
הַשָּׂטָן אֵי מִזֶּה תָּבֹא וַיַּעַן הַשָּׂטָן אֶת־יְהוָה וַיֹּאמַר מִשֻּׁט
ג בָּאָרֶץ וּמֵהִתְהַלֵּךְ בָּהּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־הַשָּׂטָן הֲשַׂמְתָּ
לִבְּךָ אֶל־עַבְדִּי אִיּוֹב כִּי אֵין כָּמֹהוּ בָּאָרֶץ אִישׁ תָּם וְיָשָׁר
יְרֵא אֱלֹהִים וְסָר מֵרָע וְעֹדֶנּוּ מַחֲזִיק בְּתֻמָּתוֹ וַתְּסִיתֵנִי בוֹ
ד לְבַלְּעוֹ חִנָּם׃ וַיַּעַן הַשָּׂטָן אֶת־יְהוָה וַיֹּאמַר עוֹר בְּעַד־עוֹר
ה וְכֹל אֲשֶׁר לָאִישׁ יִתֵּן בְּעַד נַפְשׁוֹ׃ אוּלָם שְׁלַח־נָא יָדְךָ

א, כא׳ חסר א

ב [1] און עס איז געווען דער טאָג ווען די זין פון גאָט[א] זיינען געקומען זיך שטעלן פאַר גאָט, און אויך דער שׂטן איז געקומען צווישן זיי, זיך צו שטעלן פאַר גאָט. [2] האָט גאָט געזאָגט צום שׂטן: פון וואַנען קומסטו? האָט דער שׂטן געענטפערט גאָט, און האָט געזאָגט: פון וואַנדערן איבער דער ערד און פון אַרומגיין אויף איר. [3] האָט גאָט געזאָגט צום שׂטן: האָסטו אַכט געטאָן אויף מיין קנעכט איובן, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ ווי ער אויף דער ערד, אַ מאַן ערלעך און רעכטפאַרטיק, גאָטספאָרכטיק, און אָפּגעקערט פון שלעכטס? און ער האַלט זיך נאָך אַלץ ביי זיין פרומקייט; און דו האָסט מיך אָנגערעדט אויף אים, אים אומצוברענגען אומזיסט. [4] האָט דער שׂטן געענטפערט גאָט, און האָט געזאָגט: הויט פאַר הויט, און אַלץ וואָס אַ מענטש האָט, וועט ער אַוועקגעבן פאַר זיין נפש. [5] אָבער שטרעק אַקאָרשט אויס

[א] מלאָכים.

וְגַע אֶל־עַצְמוֹ וְאֶל־בְּשָׂרוֹ אִם־לֹא אֶל־פָּנֶיךָ יְבָרְכֶךָּ׃
וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־הַשָּׂטָן הִנּוֹ בְיָדֶךָ אַךְ אֶת־נַפְשׁוֹ שְׁמֹר׃ ו
וַיֵּצֵא הַשָּׂטָן מֵאֵת פְּנֵי יְהוָה וַיַּךְ אֶת־אִיּוֹב בִּשְׁחִין רָע מִכַּף ז
רַגְלוֹ עַד קָדְקֳדוֹ׃ וַיִּקַּח־לוֹ חֶרֶשׂ לְהִתְגָּרֵד בּוֹ וְהוּא יֹשֵׁב ח
בְּתוֹךְ הָאֵפֶר׃ וַתֹּאמֶר לוֹ אִשְׁתּוֹ עֹדְךָ מַחֲזִיק בְּתֻמָּתֶךָ ט
בָּרֵךְ אֱלֹהִים וָמֻת׃ וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ כְּדַבֵּר אַחַת הַנְּבָלוֹת י
תְּדַבֵּרִי גַּם אֶת־הַטּוֹב נְקַבֵּל מֵאֵת הָאֱלֹהִים וְאֶת־הָרָע לֹא
נְקַבֵּל בְּכָל־זֹאת לֹא־חָטָא אִיּוֹב בִּשְׂפָתָיו׃ וַיִּשְׁמְעוּ יא
שְׁלֹשֶׁת ׀ רֵעֵי אִיּוֹב אֵת כָּל־הָרָעָה הַזֹּאת הַבָּאָה עָלָיו
וַיָּבֹאוּ אִישׁ מִמְּקֹמוֹ אֱלִיפַז הַתֵּימָנִי וּבִלְדַּד הַשּׁוּחִי וְצוֹפַר
הַנַּעֲמָתִי וַיִּוָּעֲדוּ יַחְדָּו לָבוֹא לָנוּד־לוֹ וּלְנַחֲמוֹ׃ וַיִּשְׂאוּ אֶת־ יב
עֵינֵיהֶם מֵרָחוֹק וְלֹא הִכִּירֻהוּ וַיִּשְׂאוּ קוֹלָם וַיִּבְכּוּ וַיִּקְרְעוּ
אִישׁ מְעִלוֹ וַיִּזְרְקוּ עָפָר עַל־רָאשֵׁיהֶם הַשָּׁמָיְמָה׃ וַיֵּשְׁבוּ יג
אִתּוֹ לָאָרֶץ שִׁבְעַת יָמִים וְשִׁבְעַת לֵילוֹת וְאֵין־דֹּבֵר אֵלָיו
דָּבָר כִּי רָאוּ כִּי־גָדַל הַכְּאֵב מְאֹד׃

ג

אַחֲרֵי־כֵן פָּתַח אִיּוֹב אֶת־פִּיהוּ וַיְקַלֵּל אֶת־יוֹמוֹ׃ וַיַּעַן א ב
אִיּוֹב וַיֹּאמַר׃ יֹאבַד יוֹם אִוָּלֶד בּוֹ וְהַלַּיְלָה אָמַר הֹרָה גָבֶר׃ ג
הַיּוֹם הַהוּא יְהִי חֹשֶׁךְ אַל־יִדְרְשֵׁהוּ אֱלוֹהַּ מִמָּעַל וְאַל־ ד
תּוֹפַע עָלָיו נְהָרָה׃ יִגְאָלֻהוּ חֹשֶׁךְ וְצַלְמָוֶת תִּשְׁכָּן־עָלָיו ה
עֲנָנָה יְבַעֲתֻהוּ כִּמְרִירֵי יוֹם׃ הַלַּיְלָה הַהוּא יִקָּחֵהוּ אֹפֶל ו
אַל־יִחַדְּ בִּימֵי שָׁנָה בְּמִסְפַּר יְרָחִים אַל־יָבֹא׃ הִנֵּה הַלַּיְלָה ז
הַהוּא יְהִי גַלְמוּד אַל־תָּבֹא רְנָנָה בוֹ׃ יִקְּבֻהוּ אֹרְרֵי־יוֹם ח
הָעֲתִידִים עֹרֵר לִוְיָתָן׃ יֶחְשְׁכוּ כּוֹכְבֵי נִשְׁפּוֹ יְקַו־לְאוֹר וָאַיִן ט
וְאַל־יִרְאֶה בְּעַפְעַפֵּי־שָׁחַר׃ כִּי לֹא סָגַר דַּלְתֵי בִטְנִי וַיַּסְתֵּר י
עָמָל מֵעֵינָי׃ לָמָּה לֹּא מֵרֶחֶם אָמוּת מִבֶּטֶן יָצָאתִי וְאֶגְוָע׃ יא
מַדּוּעַ קִדְּמוּנִי בִרְכָּיִם וּמַה־שָּׁדַיִם כִּי אִינָק׃ כִּי־עַתָּה יב יג

ב, ו׳ ס״א אַךְ את-נפשו ז׳ ועד קרי
ג, ב׳ מלעיל בס״פ עד סוף הספר ג׳ בס״א ג׳ דגושה

דיין האַנט, און ריר אָן זיין ביין און זיין פלייש, אויב ער וועט ניט אין דיין פּנים דיך לעסטערן. 6 האָט גאָט געזאָגט צום שׂטן: אָט איז ער אין דיין האַנט, נאָר זיין נפש היט.

7 איז דער שׂטן אַרויסגעגאַנגען פון פאַר גאָט, און ער האָט געפּלאָגט איובן מיט אַ בייזן אויסשלאָג פון זיין פוסטריט ביז זיין שאַרבן. 8 האָט ער זיך גענומען אַ שערבל זיך צו קראַצן דערמיט; און ער איז געזעסן אין אַש. 9 האָט זיין ווייב צו אים געזאָגט: האַלטסט זיך נאָך אַלץ ביי דיין פרומקייט? לעסטער גאָט, און שטאַרב. 10 האָט ער צו איר געזאָגט: אַזוי ווי עס רעדט איינע פון די נידער־טרעכטיקע רעדסטו. זאָלן מיר דאָס גוטע יאָ אָננעמען פון גאָט, און דאָס שלעכטע זאָלן מיר ניט אָננעמען? ביי אַלעם דעם האָט איוב ניט געזינדיקט מיט זיינע ליפּן.

11 און איובס דריי גוטע פריינט האָבן געהערט פון אַלדעמדאָזיקן בייז וואָס איז געקומען אויף אים, און זיי זיינען געקומען איטלעכער פון זיין אָרט, אֶליפַז דער תֵּימָני, און בִלְדַד דער שוחי, און צוֹפַר דער נַעֲמָתִי; און זיי האָבן אָפּגערעדט אין איינעם צו גיין אים באַדויערן און אים טרייסטן. 12 און אַז זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן פון דער וייטן, האָבן זיי אים ניט דערקענט, און זיי האָבן אויפגעהויבן זייער קָול און האָבן געוויינט; און זיי האָבן איטלעכער צעריסן זיין מאַנטל, און געוואָרפן שטויב איבער זייערע קעפּ צום הימל. 13 און זיי זיינען געזעסן מיט אים אויף דער ערד זיבן טעג און זיבן נעכט, און קיינער האָט ניט גערעדט צו אים אַ וואָרט, וואָרום זיי האָבן געזען אַז דער ווייטאָק איז זייער גרויס.

ג

1 דערנאָך האָט איוב געעפנט זיין מויל, און האָט געשאָלטן זיין טאָג. 2 און איוב האָט זיך אָפּגערופן, און האָט געזאָגט:

3 אונטערגיין זאָל דער טאָג
וואָס איך בין אין אים געבאָרן געוואָרן,
און די נאַכט וואָס האָט אָנגעזאָגט:
אַ יינגל איז אַנטפאַנגען געוואָרן.
4 יענער טאָג זאָל זיין חושך,
ניט פרעגן זאָל אויף אים גאָט פון אויבן,
און ניט שיינען זאָל אויף אים אַ ליכטיקייט.
5 צונעמען פאַר זיך זאָלן אים חושך און טויט־שאָטן,
אַ וואָלקעניש זאָל רוען אויף אים,
כמאַרעס פון טאָג זאָלן אים שרעקן.
6 יענע נאַכט, אַ שטאָקפינצטערניש זאָל זי נעמען,
זי זאָל זיך ניט פרייען אין די טעג פון יאָר,
אין דער צאָל פון חדשים זאָל זי ניט אַריינגיין.

7 אָט יענע נאַכט זאָל זיין וויסט,
ניט קומען אין איר זאָל אַ געזאַנג.
8 פלוכן זאָלן זי די וואָס שילטן דעם טאָג,
די וואָס זיינען גרייט דעם לִוְיָתן אויפצוּוועקן.
9 פינצטער זאָלן ווערן אירע אָוונטשטערן,
זי זאָל האָפן אויף ליכט, און ניטאָ,
און ניט אָנזען די ברעמען פון פרימאָרגן.
10 ווייל זי האָט ניט פאַרשלאָסן די טירן פון מיין מוטער־לייב,
און פאַרבאָרגן מאַטערניש פון מיינע אויגן.

11 פאַרוואָס בין איך ניט פון טראַכט געשטאָרבן?
אַרויס פון לייב און פאַרגאַנגען?
12 אַלמאַי האָבן מיך קני צוגענומען?
און נאָכוואָס בריסט, איך זאָל זייגן?

13 וואָרום איך וואָלט אַצונד געלעגן און געווען שטיל,
איך וואָלט געשלאָפן, איך וואָלט רו געהאַט דענסמאָל;
14 מיט מלכים און יועצים פון דער ערד,
וואָס פאַרבויען וויסטענישן פאַר זיך;
15 אָדער מיט שׂררות וואָס האָבן גאָלד,
וואָס פילן זייערע הייזער מיט זילבער.
16 אָדער איך וואָלט גאָר ניט געווען, ווי אַ באַהאַלטענער מַפּיל,
ווי קינדער וואָס האָבן דעם שיין ניט געזען.
17 דאָרט הערן אויף די רשעים צו רודערן,
און דאָרט רוען די מידע אָן כּוח.
18 אין אײנעם באַרוט זיינען די געפאַנגענע,
זיי הערן ניט דעם קָול פון אַ דריקער.
19 קליין און גרויס איז דאָרטן,
און דער קנעכט איז פריי פון זיין האַר.

20 פאַרוואָס גיט ער ליכט דעם וואָס מאַטערט זיך,
און לעבן די פאַרביטערטע אין געמיט?
21 די וואָס האַרן אויפן טויט, און ער קומט ניט,
און זיי אַקערן נאָך אים מער ווי נאָך אוצרות;
22 די וואָס וואָלטן זיך פרייען מיט שׂמחה,
וואָס וואָלטן קווּעלן, אַז זיי וואָלטן געפינען דעם קבר;
23 צו דעם מאַן וואָס זיין וועג איז פאַרבאָרגן,
און גאָט האָט פאַרצאַמט פאַר אים?
24 וואָרום גלייך ווי מיין ברויט קומט מיין זיפצן,
און אַזוי ווי וואַסער גיסן זיך מיינע געשרייען.
25 וואָרום די אַנגסט וואָס איך האָב געאַנגסט איז מיר אָנגע־קומען,
און וואָס איך האָב געפאָרכט איז מיר געשען.
26 איך האָב קיין שַׁלווה און קיין רו און קיין מנוחה ניט,
און ציטערניש איז געקומען.

ד 1 האָט געענטפערט אֶליפַז דער תֵּימָני, און האָט גע־זאָגט:
2 אַז מע פּרווט אַ וואָרט צו דיר וועט דיך פאַרדריסן?
אָבער ווער קען זיך איינהאַלטן פון רייד?
3 זע, האָסט געלערנט פילן,
און שלאַפע הענט פלעגסטו שטאַרקן.
4 דעם געשטרויכלטן פלעגן אויפשטעלן דיינע רייד,
און געבייגטע קני פלעגסטו פעסטיקן.
5 אָבער אַצונד קומט עס צו דיר, ווערסטו אָפּהענטיק,
עס רירט דיך אָן, און ווערסט דערשראָקן.
6 איז ניט דיין גאָטספאָרכטיקייט דיין בּיטחון,
דיין האָפענונג די ערלעכקייט פון דיינע וועגן?
7 דערמאָן זיך נאָר, ווער איז אומשולדיק אונטערגע־גאַנגען?
און ווו זיינען רעכטפאַרטיקע פאַרטיליקט געוואָרן?
8 ווידליק איך האָב געזען, איז די וואָס אַקערן אומרעכט,
און זייען אומגליק, זיי שניידן עס.
9 פון דעם הויך פון גאָט גייען זיי אונטער,
און פון דעם אָטעם פון זיין צאָרן ווערן זיי פאַרלענדט.
10 אַ געבריל פון לייב, אַ קָול פון ווילדלייב —
אָבער די ציין פון די יונגלייבן ווערן צעבראָכן;
11 דער אַלטער לייב גייט אויס אָן שפּייז,
און די קינדער פון דער לייבינטע ווערן צעשפּרייט.

יד שָׁכַבְתִּי וְאֶשְׁקוֹט יָשַׁנְתִּי אָז ׀ יָנוּחַ לִי׃ עִם־מְלָכִים וְיֹעֲצֵי
טו אָרֶץ הַבֹּנִים חֳרָבוֹת לָמוֹ׃ אוֹ עִם־שָׂרִים זָהָב לָהֶם
טז הַמְמַלְאִים בָּתֵּיהֶם כָּסֶף׃ אוֹ כְנֵפֶל טָמוּן לֹא אֶהְיֶה כְּעֹלְלִים
יז לֹא רָאוּ אוֹר׃ שָׁם רְשָׁעִים חָדְלוּ רֹגֶז וְשָׁם יָנוּחוּ יְגִיעֵי
יח יט כֹחַ׃ יַחַד אֲסִירִים שַׁאֲנָנוּ לֹא שָׁמְעוּ קוֹל נֹגֵשׂ׃ קָטֹן
כ וְגָדוֹל שָׁם הוּא וְעֶבֶד חָפְשִׁי מֵאֲדֹנָיו׃ לָמָּה יִתֵּן לְעָמֵל
כא אוֹר וְחַיִּים לְמָרֵי נָפֶשׁ׃ הַמְחַכִּים לַמָּוֶת וְאֵינֶנּוּ וַיַּחְפְּרֻהוּ
כב מִמַּטְמוֹנִים׃ הַשְּׂמֵחִים אֱלֵי־גִיל יָשִׂישׂוּ כִּי יִמְצְאוּ־קָבֶר׃
כג כד לְגֶבֶר אֲשֶׁר־דַּרְכּוֹ נִסְתָּרָה וַיָּסֶךְ אֱלוֹהַּ בַּעֲדוֹ׃ כִּי־לִפְנֵי
כה לַחְמִי אַנְחָתִי תָבֹא וַיִּתְּכוּ כַמַּיִם שַׁאֲגֹתָי׃ כִּי פַחַד פָּחַדְתִּי
כו וַיֶּאֱתָיֵנִי וַאֲשֶׁר יָגֹרְתִּי יָבֹא לִי׃ לֹא שָׁלַוְתִּי ׀ וְלֹא־שָׁקַטְתִּי
וְלֹא־נָחְתִּי וַיָּבֹא רֹגֶז׃

ד

א ב וַיַּעַן אֱלִיפַז הַתֵּימָנִי וַיֹּאמַר׃ הֲנִסָּה דָבָר אֵלֶיךָ תִּלְאֶה
ג וַעְצֹר בְּמִלִּין מִי יוּכָל׃ הִנֵּה יִסַּרְתָּ רַבִּים וְיָדַיִם רָפוֹת
ד ה תְּחַזֵּק׃ כּוֹשֵׁל יְקִימוּן מִלֶּיךָ וּבִרְכַּיִם כֹּרְעוֹת תְּאַמֵּץ׃ כִּי
ו עַתָּה ׀ תָּבוֹא אֵלֶיךָ וַתֵּלֶא תִּגַּע עָדֶיךָ וַתִּבָּהֵל׃ הֲלֹא יִרְאָתְךָ
ז כִּסְלָתֶךָ תִּקְוָתְךָ וְתֹם דְּרָכֶיךָ׃ זְכָר־נָא מִי הוּא נָקִי אָבָד
ח וְאֵיפֹה יְשָׁרִים נִכְחָדוּ׃ כַּאֲשֶׁר רָאִיתִי חֹרְשֵׁי אָוֶן וְזֹרְעֵי
ט עָמָל יִקְצְרֻהוּ׃ מִנִּשְׁמַת אֱלוֹהַּ יֹאבֵדוּ וּמֵרוּחַ אַפּוֹ יִכְלוּ׃
י יא שַׁאֲגַת אַרְיֵה וְקוֹל שָׁחַל וְשִׁנֵּי כְפִירִים נִתָּעוּ׃ לַיִשׁ אֹבֵד
יב מִבְּלִי־טָרֶף וּבְנֵי לָבִיא יִתְפָּרָדוּ׃ וְאֵלַי דָּבָר יְגֻנָּב וַתִּקַּח
יג אָזְנִי שֵׁמֶץ מֶנְהוּ׃ בִּשְׂעִפִּים מֵחֶזְיֹנוֹת לָיְלָה בִּנְפֹל
יד תַּרְדֵּמָה עַל־אֲנָשִׁים׃ פַּחַד קְרָאַנִי וּרְעָדָה וְרֹב עַצְמוֹתַי
טו טז הִפְחִיד׃ וְרוּחַ עַל־פָּנַי יַחֲלֹף תְּסַמֵּר שַׂעֲרַת בְּשָׂרִי׃ יַעֲמֹד ׀
וְלֹא־אַכִּיר מַרְאֵהוּ תְּמוּנָה לְנֶגֶד עֵינָי דְּמָמָה וָקוֹל אֶשְׁמָע׃
יז יח הַאֱנוֹשׁ מֵאֱלוֹהַּ יִצְדָּק אִם־מֵעֹשֵׂהוּ יִטְהַר־גָּבֶר׃ הֵן בַּעֲבָדָיו
יט לֹא יַאֲמִין וּבְמַלְאָכָיו יָשִׂים תָּהֳלָה׃ אַף ׀ שֹׁכְנֵי בָתֵּי־חֹמֶר

ד, ז׳ בס״א מִי הוּא   יב׳ ס״א שֵׁ׳   טז׳ ס״א דְּמָמָה יָקוֹל

12 און צו מיר פלעגט אַ וואָרט זיך פאַרגנבען,
און מיין אויער האָט פאַרנומען אַ קווינט דערפון.
13 אין געדאַנקען, פון זעאונגען פון דער נאַכט,
ווען אַ טיפער שלאָף פאַלט אויף מענטשן,
14 האָט מיך אַ פּחד געטראָפן און אַ ציטערניש,
און האָט אַלע מיינע ביינער צעשוידערט.
15 און אַ גייסט פלעגט פאַר מיין פּנים אַריבער;
קאַפּויר שטעלן פלעגט עס די האָר פון מיין לייב.
16 ער פלעגט שטיין, אָבער איך פלעג ניט דערקענען זיין אָנבליק;
אַ געשטאַלט איז געווען פאַר מיינע אויגן;
אַ שטילקייט און אַ שטים פלעג איך הערן:
17 קען אַ מענטש פאַר גאָט זיין גערעכט?
צי קען פאַר זיין באַשעפער ריין זיין אַ מאַן?
18 זע, אין זיינע קנעכט גלויבט ער ניט,
און אין זיינע מלאכים מערקט ער אַ פאַרזע,
19 היינט ווי שוין די וווינער אין הייזער פון ליים,

כ אֲשֶׁר־בֶּעָפָר יְסוֹדָם יְדַכְּאוּם לִפְנֵי־עָשׁ׃ מִבֹּקֶר לָעֶרֶב
כא יֻכַּתּוּ מִבְּלִי מֵשִׂים לָנֶצַח יֹאבֵדוּ׃ הֲלֹא־נִסַּע יִתְרָם בָּם
יָמוּתוּ וְלֹא בְחָכְמָה׃

ה

א ב קְרָא־נָא הֲיֵשׁ עוֹנֶךָּ וְאֶל־מִי מִקְּדֹשִׁים תִּפְנֶה׃ כִּי־לֶאֱוִיל
ג יַהֲרָג־כָּעַשׂ וּפֹתֶה תָּמִית קִנְאָה׃ אֲנִי־רָאִיתִי אֱוִיל מַשְׁרִישׁ
ד וָאֶקּוֹב נָוֵהוּ פִתְאֹם׃ יִרְחֲקוּ בָנָיו מִיֶּשַׁע וְיִדַּכְּאוּ בַשַּׁעַר
ה וְאֵין מַצִּיל׃ אֲשֶׁר קְצִירוֹ ׀ רָעֵב יֹאכֵל וְאֶל־מִצִּנִּים יִקָּחֵהוּ
ו וְשָׁאַף צַמִּים חֵילָם׃ כִּי ׀ לֹא־יֵצֵא מֵעָפָר אָוֶן וּמֵאֲדָמָה
ז לֹא־יִצְמַח עָמָל׃ כִּי־אָדָם לְעָמָל יוּלָּד וּבְנֵי־רֶשֶׁף יַגְבִּיהוּ
ח עוּף׃ אוּלָם אֲנִי אֶדְרֹשׁ אֶל־אֵל וְאֶל־אֱלֹהִים אָשִׂים
ט דִּבְרָתִי׃ עֹשֶׂה גְדֹלוֹת וְאֵין חֵקֶר נִפְלָאוֹת עַד־אֵין מִסְפָּר׃
י הַנֹּתֵן מָטָר עַל־פְּנֵי אָרֶץ וְשֹׁלֵחַ מַיִם עַל־פְּנֵי חוּצוֹת׃
יא יב לָשׂוּם שְׁפָלִים לְמָרוֹם וְקֹדְרִים שָׂגְבוּ יֶשַׁע׃ מֵפֵר מַחְשְׁבוֹת
יג עֲרוּמִים וְלֹא־תַעֲשֶׂינָה יְדֵיהֶם תּוּשִׁיָּה׃ לֹכֵד חֲכָמִים בְּעָרְמָם
יד וַעֲצַת נִפְתָּלִים נִמְהָרָה׃ יוֹמָם יְפַגְּשׁוּ־חֹשֶׁךְ וְכַלַּיְלָה
טו יְמַשְׁשׁוּ בַצָּהֳרָיִם׃ וַיֹּשַׁע מֵחֶרֶב מִפִּיהֶם וּמִיַּד חָזָק אֶבְיוֹן׃
טז יז וַתְּהִי לַדַּל תִּקְוָה וְעֹלָתָה קָפְצָה פִּיהָ׃ הִנֵּה אַשְׁרֵי אֱנוֹשׁ
יח יוֹכִחֶנּוּ אֱלוֹהַּ וּמוּסַר שַׁדַּי אַל־תִּמְאָס׃ כִּי הוּא יַכְאִיב
יט וְיֶחְבָּשׁ יִמְחַץ וְיָדָו תִּרְפֶּינָה׃ בְּשֵׁשׁ צָרוֹת יַצִּילֶךָּ וּבְשֶׁבַע
כ לֹא־יִגַּע בְּךָ רָע׃ בְּרָעָב פָּדְךָ מִמָּוֶת וּבְמִלְחָמָה מִידֵי
כא חָרֶב׃ בְּשׁוֹט לָשׁוֹן תֵּחָבֵא וְלֹא־תִירָא מִשֹּׁד כִּי יָבוֹא׃
כב כג לְשֹׁד וּלְכָפָן תִּשְׂחָק וּמֵחַיַּת הָאָרֶץ אַל־תִּירָא׃ כִּי עִם־
כד אַבְנֵי הַשָּׂדֶה בְרִיתֶךָ וְחַיַּת הַשָּׂדֶה הָשְׁלְמָה־לָךְ׃ וְיָדַעְתָּ
כה כִּי־שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ וּפָקַדְתָּ נָוְךָ וְלֹא תֶחֱטָא׃ וְיָדַעְתָּ כִּי־רַב
כו זַרְעֶךָ וְצֶאֱצָאֶיךָ כְּעֵשֶׂב הָאָרֶץ׃ תָּבוֹא בְכֶלַח אֱלֵי־קָבֶר

ד, כ׳ ס״א מִבֹּקר    פתח באתנח    ה, ז׳ שורק עם הדגש    יח׳ וידו קרי

וואָס זייער גרונט איז אין שטויב?
מע צעדריקט זיי גלייך ווי אַ מאָיל.

20 צווישן מאָרגן און אָוונט ווערן זיי צעשטויסן,
אומגעמערקט גייען זיי אונטער אויף אייביק.

21 פאַרוואָר, אָפּגעריסן ווערט זייער געצעלטשטריק בײַ זיי,
זיי שטאַרבן, און אָן חכמה.

ה 1 רוף אַקאָרשט, איז דאָ ווער זאָל דיר ענטפערן?
און צו וועמען פון די הייליקע וועסטו זיך קערן?

2 וואָרום דעם נאַרן הרגעט דער כּעס,
און דעם ניט קלוגן טייט די קנאה.

3 זע איך אַ נאַרן אײַנגעוואָרצלט,
רוף איך תּיכּף זײַן וווינונג פאַרשאָלטן.

4 זײַנע קינדער וועלן ווייט זײַן פון הילף,
און זיי וועלן צעדריקט ווערן אין טויער,
און קיינער וועט ניט מציל זײַן.

5 וואָרום זײַן שניט וועט דער הונגעריקער אויפעסן,
און ביז פון די דערנער וועט ער עס אַוועקנעמען;
און אײַנשלינגען וועט די נעץ זייער פאַרמעג.

6 פאַרוואָר, ניט פון שטויב קומט אַרויס אומגליק,
און ניט פון דער ערד שפּראָצט מאַטערניש.

7 נייערט דער מענטש איז צו מאַטערניש געבאָרן;
נאָר היצקעפּ פליען אין דער הייך.

8 אָבער איך וואָלט געזוכט גאָט,
און צו גאָט וואָלט איך געשטעלט מײַן טענה;

9 דער וואָס טוט גרויסע זאַכן ניט צו דערפאָרשן,
וווּנדער אָן אַ צאָל;

10 דער וואָס גיט רעגן אויפן געזיכט פון דער ערד,
און שיקט וואַסער אויפן געזיכט פון די פעלדער;

11 ער שטעלט די נידעריקע אין דער הייך,
און די פינצטערע ווערן דערהויבן דורך הילף.

12 ער פאַרשטערט די מחשבות פון די ליסטיקע,
אַז זייערע הענט זאָלן ניט אויפטאָן מַמָשות.

13 ער פאַנגט קלוגע אין זייער ליסטיקייט,
און די עצה פון די פאַרשפּיצטע ווערט צעטומלט.

14 בײַ טאָג באַגעגענען זיי פינצטערניש,
און אַזוי ווי בײַ נאַכט טאַפּן זיי אין מיטן טאָג.

15 און ער העלפט פון דער שווערד — פון זייער מויל,
און פון דעם שטאַרקנס האַנט דעם אביון.

16 און דער אָרימאַן קריגט האָפענונג,
און אומגערעכטיקייט מאַכט צו איר מויל.

17 זע, ווויל איז דעם מענטשן וואָס גאָט שטראָפט אים,
און דעם מוסר פון אַלמאַכטיקן זאָלסטו ניט פאַראַכטן.

18 וואָרום ער מאַכט ווי טאָן, און ער פאַרבינדט,
ער פאַרווונדט, און זײַנע הענט היילן אויס.

19 אין זעקס צרות וועט ער דיך מציל זײַן,
און אין זיבן וועט דיך ניט אָנרירן קיין בייז.

20 אין הונגער וועט ער דיך אויסלייזן פון טויט,
און אין מלחמה פון דער מאַכט פון שווערד.

21 פאַר דער רוט פון דער צונג וועסטו זײַן פאַרבאָרגן,
און וועסט ניט מורא האָבן פאַר פאַרוויסטונג, אַז זי קומט.

22 פון פאַרוויסטונג און פון הונגער וועסטו לאַכן,
און פאַר די חיות פון דער ערד וועסטו ניט מורא האָבן.

23 וואָרום מיט די שטיינער פון פעלד וועט זײַן דײַן בונד,
און די חיה פון פעלד וועט זײַן שלום מיט דיר.

24 און וועסט וויסן אַז דײַן געצעלט איז בשלום,
און וועסט נאָכזוכן דײַן וווינונג, און בײַ דיר וועט ניט פעלן.

25 און וועסט וויסן אַז דײַן זאָמען וועט זײַן פיל,
און דײַנע שפּראָצונגען ווי גראָז פון דער ערד.

26 וועסט קומען אין פולער עלטער צום קבר,

ווי אַ סטויג קומט אַריין אין זיין צייט.
27 זע, דאָס האָבן מיר אויסגעפֿאָרשט, אַזוי איז דאָס,
הער עס צו, און דו מערק דיר.

ו

1 האָט געענטפֿערט איוב, און האָט געזאָגט:
2 ווען געוויגן זאָל געווויגן ווערן מיין כּעס,
און מיין בראָך וואָלט מען נעמען אויפֿן וואָגשאָל
באַגלייך!
3 וואָרום שווערער פֿון דעם זאַמד פֿון ימען וואָלט עס
זיין אַצונד;
דרום זיינען מיינע ווערטער צעמישט.
4 וואָרום אין מיר זיינען די פֿיילן פֿון אַלמאַכטיקן,
וואָס זייער גיפֿט טרינקט מיין געמיט;
שרעקענישן פֿון גאָט שטעלן זיך אויס קעגן מיר.
5 שרייט דען אַ וואַלדאייזל אויף גראָז?
צי מרוקעט אַן אָקס אויף זיין פֿוטער?
6 ווערט אומבאַטעמטס געגעסן אָן זאַלץ?
צי איז דאָ אַ טעם אין זאַפֿט פֿון אַלטיי?
7 וואָס מיין זעל האָט ניט געוואָלט אָנרירן,
דאָס זיינען די צושפּיזן פֿון מיין ברויט.

8 הלוואַי קומט אָן מיין פֿאַרלאַנג,
און מיין האָפֿענונג גיט גאָט!
9 און גאָט וויליקט איין און צעדריקט מיך,
לאָזט לויז זיין האַנט און דערענדיקט מיך!
10 וואָלט דאָס נאָך געווען מיין נחמה,
און איך וואָלט געטאַנצט אין יסורים;
זאָל ער זיין אומדערבאַרימדיק;
הגם איך האָב ניט געלייקנט
אָן די ווערטער פֿון הייליקן.

11 וואָס איז מיין כּוח, אַז איך זאָל האָפֿן?
און וואָס מיין סוף, אַז איך זאָל איינהאַלטן מיין געמיט?
12 איז דער כּוח פֿון שטיינער מיין כּוח?
איז מיין לייב פֿון קופּער?
13 איז דען פֿאַר מיר קיין הילף ניטאָ,
און אַן עצה איז פֿאַרשטויסן פֿון מיר?
14 דעם וואָס גייט אָיין קומט רחמנות פֿון זיין חבר,
אַפֿילו ער פֿאַרלאָזט די מורא פֿאַרן אַלמאַכטיקן.
15 מיינע ברידער האָבן געפֿעלשט ווי אַ טייך,
ווי דער שטראָם פֿון טייכן וואָס גייען אַוועק.
16 וואָס זיינען טונקל פֿון אייז —
אויף זיי באַהאַלט זיך דער שניי.
17 בעת זיי ווערן צעוואַרעמט, ווערן זיי פֿאַרשווונדן,
ווי עס ווערט הייס, צעגייען זיי פֿון זייער אָרט.
18 עס דרייען זיך די וועגן פֿון זייער וואַנדער,
זיי פֿאַרגייען אין נישט און ווערן פֿאַרלאָרן.
19 די קאַראַוואַנען פֿון תּימא האָבן אויסגעקוקט,
די גייַ־מחנות פֿון שבֿא האָבן געהאָפֿט אויף זיי,
20 אָבער זיי האָבן זיך געשעמט וואָס זיי האָבן זיך פֿאַר־
זיכערט,
זיי זיינען אָנגעקומען ביז אַהין און אין שאַנד געבליבן.
21 פֿאַרוואָר, אַצונד זייט איר מיט אים,
איר האָט דערזען דעם בראָך, און זיך דערשראָקן.
22 האָב איך דען געזאָגט: גיט מיר וואָס,
און פֿון אייער פֿאַרמעג שענקט פֿאַר מיר?
23 אָדער: מאַכט מיך אַנטרינען פֿון שונאס האַנט,
און פֿון דער האַנט פֿון געוואַלטטוער זאָלט איר מיך
אויסלייזן?

24 לערנט מיך, און איך וועל שווייגן,
און וואָס איך האָב פֿאַרזען, גיט מיר צו פֿאַרשטיין.
25 ווי שטאַרק זיינען ריכטיקע ווערטער!
אָבער וואָס באַווייזט דאָס באַווייזן פֿון אייך?
26 רעכנט איר ווערטער פֿאַר אַ באַווייז,
און פֿאַר ווינט די רייד פֿון פֿאַרצווייפֿלטן?
27 אַפֿילו אויף אַ יתום וואָלט איר גורל וואַרפֿן,
און איר וואָלט גראָבן אויף אייער חבר.
28 און אַצונד באַוויליקט, קערט אייך צו מיר;
און צי וועל איך אייך אין פּנים אַ ליגן זאָגן?
29 קערט אייך אום, איך בעט אייך, זאָל קיין עוולה ניט
געשען,
יאָ, קערט אייך ווידער אום, איך בין גערעכט דערין.
30 איז אין מיין צונג דאָ אומרעכט?
צי שפּירט ניט מיין גומען פֿאַרברעכן?

כז בַּעֲלוֹת גָּדִישׁ בְּעִתּוֹ׃ הִנֵּה־זֹאת חֲקַרְנוּהָ כֶּן־הִיא שְׁמָעֶנָּה
וְאַתָּה דַע־לָךְ׃

ו

א ב וַיַּעַן אִיּוֹב וַיֹּאמַר׃ לוּ שָׁקוֹל יִשָּׁקֵל כַּעְשִׂי וְהַיָּתִי בְּמֹאזְנַיִם
ג יִשְׂאוּ־יָחַד׃ כִּי־עַתָּה מֵחוֹל יַמִּים יִכְבָּד עַל־כֵּן דְּבָרַי לָעוּ׃
ד כִּי חִצֵּי שַׁדַּי עִמָּדִי אֲשֶׁר חֲמָתָם שֹׁתָה רוּחִי בִּעוּתֵי אֱלוֹהַּ
ה יַעַרְכוּנִי׃ הֲיִנְהַק־פֶּרֶא עֲלֵי־דֶשֶׁא אִם יִגְעֶה־שּׁוֹר עַל־
ו בְּלִילוֹ׃ הֲיֵאָכֵל תָּפֵל מִבְּלִי־מֶלַח אִם־יֶשׁ־טַעַם בְּרִיר
ז ח חַלָּמוּת׃ מֵאֲנָה לִנְגּוֹעַ נַפְשִׁי הֵמָּה כִּדְוֵי לַחְמִי׃ מִי־יִתֵּן
ט תָּבוֹא שֶׁאֱלָתִי וְתִקְוָתִי יִתֵּן אֱלוֹהַּ׃ וְיֹאֵל אֱלוֹהַּ וִידַכְּאֵנִי
י יַתֵּר יָדוֹ וִיבַצְּעֵנִי׃ וּתְהִי עוֹד ׀ נֶחָמָתִי וַאֲסַלְּדָה בְחִילָה
יא לֹא יַחְמוֹל כִּי לֹא כִחַדְתִּי אִמְרֵי קָדוֹשׁ׃ מַה־כֹּחִי כִי
יב אֲיַחֵל וּמַה־קִּצִּי כִּי־אַאֲרִיךְ נַפְשִׁי׃ אִם־כֹּחַ אֲבָנִים כֹּחִי
יג אִם־בְּשָׂרִי נָחוּשׁ׃ הַאִם אֵין עֶזְרָתִי בִי וְתֻשִׁיָּה נִדְּחָה מִמֶּנִּי׃
יד טו לַמָּס מֵרֵעֵהוּ חָסֶד וְיִרְאַת שַׁדַּי יַעֲזוֹב׃ אַחַי בָּגְדוּ כְמוֹ־
טז נָחַל כַּאֲפִיק נְחָלִים יַעֲבֹרוּ׃ הַקֹּדְרִים מִנִּי־קָרַח עָלֵימוֹ
יז יִתְעַלֶּם־שָׁלֶג׃ בְּעֵת יְזֹרְבוּ נִצְמָתוּ בְּחֻמּוֹ נִדְעֲכוּ מִמְּקוֹמָם׃
יח יט יִלָּפְתוּ אָרְחוֹת דַּרְכָּם יַעֲלוּ בַתֹּהוּ וְיֹאבֵדוּ׃ הִבִּיטוּ אָרְחוֹת
כ תֵּמָא הֲלִיכֹת שְׁבָא קִוּוּ־לָמוֹ׃ בֹּשׁוּ כִּי־בָטָח בָּאוּ עָדֶיהָ
כא כב וַיֶּחְפָּרוּ׃ כִּי־עַתָּה הֱיִיתֶם לוֹ תִּרְאוּ חֲתַת וַתִּירָאוּ׃ הֲכִי־
כג אָמַרְתִּי הָבוּ לִי וּמִכֹּחֲכֶם שִׁחֲדוּ בַעֲדִי׃ וּמַלְּטוּנִי מִיַּד־צָר
כד וּמִיַּד עָרִיצִים תִּפְדּוּנִי׃ הוֹרוּנִי וַאֲנִי אַחֲרִישׁ וּמַה־שָּׁגִיתִי
כה הָבִינוּ לִי׃ מַה־נִּמְרְצוּ אִמְרֵי־יֹשֶׁר וּמַה־יּוֹכִיחַ הוֹכֵחַ מִכֶּם׃
כו כז הַלְהוֹכַח מִלִּים תַּחְשֹׁבוּ וּלְרוּחַ אִמְרֵי נֹאָשׁ׃ אַף־עַל־יָתוֹם
כח תַּפִּילוּ וְתִכְרוּ עַל־רֵיעֲכֶם׃ וְעַתָּה הוֹאִילוּ פְנוּ־בִי וְעַל־
כט פְּנֵיכֶם אִם־אֲכַזֵּב׃ שֻׁבוּ־נָא אַל־תְּהִי עַוְלָה וְשֻׁבִי עוֹד צִדְקִי־
ל בָהּ׃ הֲיֵשׁ־בִּלְשׁוֹנִי עַוְלָה אִם־חִכִּי לֹא־יָבִין הַוּוֹת׃

---

ה, כז׳ כ׳ דגושה   ו, ב׳ והותי קרי   כא׳ למדנחאי לא כתיב בס״א תיראו
כה׳ בס״א יוכיח הוכח   כו׳ בס״א נאש   כט׳ ושבו ק׳

ז

הֲלֹא־צָבָא לֶאֱנוֹשׁ עֲלֵי־אָרֶץ וְכִימֵי שָׂכִיר יָמָיו׃ כְּעֶבֶד א ב
יִשְׁאַף־צֵל וּכְשָׂכִיר יְקַוֶּה פָעֳלוֹ׃ כֵּן הָנְחַלְתִּי לִי יַרְחֵי־ ג
שָׁוְא וְלֵילוֹת עָמָל מִנּוּ־לִי׃ אִם־שָׁכַבְתִּי וְאָמַרְתִּי מָתַי אָקוּם ד
וּמִדַּד־עָרֶב וְשָׂבַעְתִּי נְדֻדִים עֲדֵי־נָשֶׁף׃ לָבַשׁ בְּשָׂרִי רִמָּה ה
וְגִישׁ עָפָר עוֹרִי רָגַע וַיִּמָּאֵס׃ יָמַי קַלּוּ מִנִּי־אָרֶג וַיִּכְלוּ ו
בְּאֶפֶס תִּקְוָה׃ זְכֹר כִּי־רוּחַ חַיָּי לֹא־תָשׁוּב עֵינִי לִרְאוֹת ז
טוֹב׃ לֹא־תְשׁוּרֵנִי עֵין רֹאִי עֵינֶיךָ בִּי וְאֵינֶנִּי׃ כָּלָה עָנָן ח ט
וַיֵּלַךְ כֵּן יוֹרֵד שְׁאוֹל לֹא יַעֲלֶה׃ לֹא־יָשׁוּב עוֹד לְבֵיתוֹ וְלֹא־ י
יַכִּירֶנּוּ עוֹד מְקֹמוֹ׃ גַּם־אֲנִי לֹא אֶחֱשָׂךְ פִּי אֲדַבְּרָה בְּצַר יא
רוּחִי אָשִׂיחָה בְּמַר נַפְשִׁי׃ הֲיָם־אָנִי אִם־תַּנִּין כִּי־תָשִׂים יב
עָלַי מִשְׁמָר׃ כִּי־אָמַרְתִּי תְּנַחֲמֵנִי עַרְשִׂי יִשָּׂא בְשִׂיחִי יג
מִשְׁכָּבִי׃ וְחִתַּתַּנִי בַחֲלֹמוֹת וּמֵחֶזְיֹנוֹת תְּבַעֲתַנִּי׃ וַתִּבְחַר יד טו
מַחֲנָק נַפְשִׁי מָוֶת מֵעַצְמוֹתָי׃ מָאַסְתִּי לֹא־לְעֹלָם אֶחְיֶה טז
חֲדַל מִמֶּנִּי כִּי־הֶבֶל יָמָי׃ מָה־אֱנוֹשׁ כִּי תְגַדְּלֶנּוּ וְכִי־תָשִׁית יז
אֵלָיו לִבֶּךָ׃ וַתִּפְקְדֶנּוּ לִבְקָרִים לִרְגָעִים תִּבְחָנֶנּוּ׃ כַּמָּה יח יט
לֹא־תִשְׁעֶה מִמֶּנִּי לֹא־תַרְפֵּנִי עַד־בִּלְעִי רֻקִּי׃ חָטָאתִי מָה כ
אֶפְעַל ׀ לָךְ נֹצֵר הָאָדָם לָמָה שַׂמְתַּנִי לְמִפְגָּע לָךְ וָאֶהְיֶה
עָלַי לְמַשָּׂא׃ וּמֶה ׀ לֹא־תִשָּׂא פִשְׁעִי וְתַעֲבִיר אֶת־עֲוֺנִי כִּי־ כא
עַתָּה לֶעָפָר אֶשְׁכָּב וְשִׁחֲרְתַּנִי וְאֵינֶנִּי׃

ח

וַיַּעַן בִּלְדַּד הַשּׁוּחִי וַיֹּאמַר׃ עַד־אָן תְּמַלֶּל־אֵלֶּה וְרוּחַ א ב
כַּבִּיר אִמְרֵי־פִיךָ׃ הַאֵל יְעַוֵּת מִשְׁפָּט וְאִם־שַׁדַּי יְעַוֵּת־ ג
צֶדֶק׃ אִם־בָּנֶיךָ חָטְאוּ־לוֹ וַיְשַׁלְּחֵם בְּיַד־פִּשְׁעָם׃ אִם־ ד ה
אַתָּה תְּשַׁחֵר אֶל־אֵל וְאֶל־שַׁדַּי תִּתְחַנָּן׃ אִם־זַךְ וְיָשָׁר ו
אָתָּה כִּי־עַתָּה יָעִיר עָלֶיךָ וְשִׁלַּם נְוַת צִדְקֶךָ׃ וְהָיָה ז
רֵאשִׁיתְךָ מִצְעָר וְאַחֲרִיתְךָ יִשְׂגֶּה מְאֹד׃ כִּי שְׁאַל־נָא ח

ז, א׳ עלי קרי ה׳ ני ותדא וגוש קרי ט׳ פתח באתנח יד׳ פתח בס״פ ודגש כ׳ רפה ומלעיל

ז 1 פאַרוואָר, דינסטצייט האָט דער מענטש אויף דער ערד,
און ווי טעג פון אַ געדונגענעם זיינען זיינע טעג.
2 ווי אַ קנעכט וואָס שמאַכט נאָך שאָטן,
און ווי אַ געדונגענער וואָס האַרט אויף זיין לוין,
3 אַזוי האָב איך מיר צוגעטיילט געקריגן חדשים פון אומגליק,
און נעכט פון מאַטערניש האָט מען מיר צוגעציילט.
4 אַז איך לייג זיך, זאָג איך: ווען וועל איך אויפשטיין?
און די נאַכט ציט זיך, און איך ווער זאַט מיט וואַרפעניש ביזן פרימאָרגן.
5 מיין לייב איז באַקליידט מיט ווערים און שטיקער ערד,
מיין הויט פלאַצט און ווערט צעקראָכן.
6 מיינע טעג זיינען פלינקער פון אַ וועבשיפל,
און ווערן פאַרלענדט אָן אַ האָפענונג.
7 געדענק, אַז אַ הויך איז מיין לעבן,
מיין אויג וועט ניט אָנזען מער גוטס.
8 מיך וועט מער ניט אָנקוקן דאָס אויג פון מיין זעער,
דיינע אויגן זיינען אויף מיר, און שוין בין איך ניטאָ.
9 פאַרלענדט ווערט אַ וואָלקן און פאַרגייט,
אַזוי דער וואָס נידערט אין אונטערערד, וועט ניט אַרויפקומען.
10 ער וועט זיך מער ניט אומקערן אין זיין הויז,
און זיין אָרט וועט אים מער ניט קענען.

11 דרומעך וועל איך ניט פאַרמיידן מיין מויל,
איך וועל רעדן אין דער קלעמעניש פון מיין געמיט,
איך וועל קלאָגן אין דער ביטערקייט פון מיין זעל.
12 בין איך אַ ים, אָדער אַ ים־חיה,
וואָס דו שטעלסט אַ וואַך איבער מיר?
13 אַז איך זאָג: מיין בעט וועט מיך טרייסטן,
מיין געלעגער וועט מיטטראָגן מיין קלאָג,
14 שרעקסטו מיך מיט חלומות,
און מיט זעאונגען גרוילסטו מיך.
15 און מיין זעל וויל בעסער דערוואַרגעניש,
טויט, איידער דידאָזיקע ביינער מיינע.
16 מיר איז נִמאס; איך וועל אייביק ניט לעבן,
לאָז אָפּ פון מיר, וואָרום אַ הויך זיינען מיינע טעג.
17 וואָס איז דער מענטש, אַז דו זאָלסט אים גרייסן,
און אַז דו זאָלסט לייגן אויף אים דיין האַרץ,
18 און אים דערמאָנען אַלע פרימאָרגן,
אַלע רגע אים פּרוּוון?
19 ווי לאַנג וועסטו זיך ניט אָפּקערן פון מיר?
מיך ניט אָפּלאָזן ביז איך שלינג אַראָפּ מיין שפּייעכץ?
20 אַז איך זינדיק, וואָס טו איך דיר, היטער פון דעם מענטשן?
פאַרוואָס האָסטו מיך געמאַכט פאַר דיין צילברעט,
אַז איך בין געוואָרן זיך אַליין צו לאַסט?
21 און וואָס פאַרגיסטו ניט מיין פאַרברעך,
און טוסט ניט אָפּ מיין זינד?
וואָרום אַצונד וועל איך ליגן אין שטויב,
און וועסט מיך זוכן, און איך וועל ניט זיין.

ח 1 האָט געענטפערט בִלדַד דער שוחי, און האָט געזאָגט:
2 ביז וואַנען וועסטו רעדן דאָסדאָזיקע,
און ווי אַ שטאַרקער ווינט וועלן זיין די ווערטער פון דיין מויל?
3 וועט דען גאָט פאַרדרייען דעם משפט?
און וועט דער אַלמאַכטיקער פאַרדרייען די גערעכטיקייט?
4 אַז דיינע קינדער האָבן געזינדיקט צו אים,
האָט ער זיי אַוועקגעשיקט פאַר זייער פאַרברעך.
5 אַז דו וואָלסט זוכן גאָט,
און צום אַלמאַכטיקן בעטן,
6 אַז דו וואָלסט זיין ריין און רעכטפאַרטיק,
וואָלט ער אַצונד זיך דערוועקן פאַר דיר,
און גאַנץ מאַכן דיין גערעכטע וווינונג.
7 און אויב דיין אָנהייב וועט זיין קליין,
וועט דיין סוף זיין זייער גרויס.

8 וואָרום פרעג אַקאָרשט דעם פריערדיקן דור,

אונ מערק וואָס זייערע עלטערן האָבן אויסגעפאָרשט –
9 וואָרום מיר זיינען פונ נעכטן, אונ ווייסן גאָרנישט,
ווייל אַ שאָטן זיינען אונדזערע טעג אויף דער ערד –
10 פאַרוואָר, זיי וועלן דיך לערנען, זיי וועלן דיר זאָגן,
אונ פונ זייער האַרצן אַרויסברענגען ווערטער.
11 קען אויסוואַקסן ראָר אָן אַ זומפּ?
קען גרויס ווערן טייכגראָז אָן וואַסער?
12 נאָך איז עס אינ זיין גרינקייט, ניט אָפּגעשניטן,
אונ ווי גאָרע היי ווערט עס פאַרטריקנט.
13 אַזוי זיינען די וועגן פונ אַלע גאָטפאַרגעסער,
אונ די האָפענונג פונ דעם זינדיקן גייט אונטער.
14 וואָרום זומערפאָדים איז זיין פאַרזיכערונג,
אונ שפּינוועבס זיין בּיטחון.
15 ער לענט זיך אָן אויף זיין הויז, אָבער עס האָט ניט קיין
באַשטאַנד,
ער האַלט זיך דעראָן, אָבער עס בּלייבט ניט שטיין.
16 זאַפטיק איז ער פאַר דער זון,
אונ איבּער זיין גאָרטן גייט אַרויס זיין שפּראָץ.
17 אינ אַ הויפן פלעכטן זיך זיינע וואָרצלען,
צווישן שטיינער רייסט ער זיך דורך.
18 אָבער פאַרטיליקט מען אים פונ זיין אָרט,
פאַרלייקנט ער אים: איך האָבּ דיך ניט געזען.
19 אָט דאָס איז די פרייד פונ זיין וועג,
אונ פונ דער ערד שפּראָצט אַן אַנדערער אַרויס.
20 זע, גאָט פאַראַכט ניט דעם אומשולדיקן,
אונ וועט ניט אויפהאַלטן די האַנט פונ דעם שלעכטס-
טוער;
21 ביז ער וועט אָנפילן מיט געלעכטער דיין מויל,
אונ דיינע ליפּן מיט שאַלונג.
22 דיינע שׂונאים וועלן זיך אָנקליידן מיט שאַנד,
אונ דאָס געצעלט פונ די רשעים וועט מער ניט זיין.

ט לְדֹר רִישׁוֹן וְכוֹנֵן לְחֵקֶר אֲבוֹתָם׃ כִּי־תְמוֹל אֲנַחְנוּ וְלֹא
י נֵדָע כִּי צֵל יָמֵינוּ עֲלֵי־אָרֶץ׃ הֲלֹא־הֵם יוֹרוּךָ יֹאמְרוּ לָךְ
יא וּמִלִּבָּם יוֹצִאוּ מִלִּים׃ הֲיִגְאֶה־גֹּמֶא בְּלֹא בִצָּה יִשְׂגֶּא
יב אָחוּ בְלִי־מָיִם׃ עֹדֶנּוּ בְאִבּוֹ לֹא יִקָּטֵף וְלִפְנֵי כָל־חָצִיר
יג יִיבָשׁ׃ כֵּן אָרְחוֹת כָּל־שֹׁכְחֵי אֵל וְתִקְוַת חָנֵף תֹּאבֵד׃
יד טו אֲשֶׁר־יָקוֹט כִּסְלוֹ וּבֵית עַכָּבִישׁ מִבְטַחוֹ׃ יִשָּׁעֵן עַל־בֵּיתוֹ
טז וְלֹא יַעֲמֹד יַחֲזִיק בּוֹ וְלֹא יָקוּם׃ רָטֹב הוּא לִפְנֵי־שָׁמֶשׁ
יז וְעַל־גַּנָּתוֹ יֹנַקְתּוֹ תֵצֵא׃ עַל־גַּל שָׁרָשָׁיו יְסֻבָּכוּ בֵּית
יח אֲבָנִים יֶחֱזֶה׃ אִם־יְבַלְּעֶנּוּ מִמְּקֹמוֹ וְכִחֶשׁ בּוֹ לֹא רְאִיתִיךָ׃
יט כ הֶן־הוּא מְשׂוֹשׂ דַּרְכּוֹ וּמֵעָפָר אַחֵר יִצְמָחוּ׃ הֶן־אֵל לֹא
כא יִמְאַס־תָּם וְלֹא יַחֲזִיק בְּיַד־מְרֵעִים׃ עַד־יְמַלֵּה שְׂחוֹק
כב פִּיךָ וּשְׂפָתֶיךָ תְרוּעָה׃ שֹׂנְאֶיךָ יִלְבְּשׁוּ־בֹשֶׁת וְאֹהֶל
רְשָׁעִים אֵינֶנּוּ׃

## ט

א ב וַיַּעַן אִיּוֹב וַיֹּאמַר׃ אָמְנָם יָדַעְתִּי כִי־כֵן וּמַה־יִּצְדַּק אֱנוֹשׁ
ג עִם־אֵל׃ אִם־יַחְפֹּץ לָרִיב עִמּוֹ לֹא יַעֲנֶנּוּ אַחַת מִנִּי־אָלֶף׃
ד ה חֲכַם לֵבָב וְאַמִּיץ כֹּחַ מִי־הִקְשָׁה אֵלָיו וַיִּשְׁלָם׃ הַמַּעְתִּיק
ו הָרִים וְלֹא יָדָעוּ אֲשֶׁר הֲפָכָם בְּאַפּוֹ׃ הַמַּרְגִּיז אֶרֶץ
ז מִמְּקוֹמָהּ וְעַמּוּדֶיהָ יִתְפַלָּצוּן׃ הָאֹמֵר לַחֶרֶס וְלֹא יִזְרָח
ח וּבְעַד כּוֹכָבִים יַחְתֹּם׃ נֹטֶה שָׁמַיִם לְבַדּוֹ וְדוֹרֵךְ עַל־בָּמֳתֵי
ט י יָם׃ עֹשֶׂה עָשׁ כְּסִיל וְכִימָה וְחַדְרֵי תֵמָן׃ עֹשֶׂה גְדֹלוֹת
יא עַד־אֵין חֵקֶר וְנִפְלָאוֹת עַד־אֵין מִסְפָּר׃ הֵן יַעֲבֹר עָלַי וְלֹא
יב אֶרְאֶה וְיַחֲלֹף וְלֹא־אָבִין לוֹ׃ הֵן יַחְתֹּף מִי יְשִׁיבֶנּוּ מִי־
יג יֹאמַר אֵלָיו מַה־תַּעֲשֶׂה׃ אֱלוֹהַּ לֹא־יָשִׁיב אַפּוֹ תַּחְתָּו
יד שָׁחֲחוּ עֹזְרֵי רָהַב׃ אַף כִּי־אָנֹכִי אֶעֱנֶנּוּ אֶבְחֲרָה דְבָרַי עִמּוֹ׃
טו טז אֲשֶׁר אִם־צָדַקְתִּי לֹא אֶעֱנֶה לִמְשֹׁפְטִי אֶתְחַנָּן׃ אִם־קָרָאתִי
יז וַיַּעֲנֵנִי לֹא אַאֲמִין כִּי־יַאֲזִין קוֹלִי׃ אֲשֶׁר־בִּשְׂעָרָה יְשׁוּפֵנִי

ח, ח׳ י׳ במקום א׳ יא׳ א׳ במקום ה׳ כא׳ ה׳ במקום א׳
ט, יב׳ נ״א ומי יג׳ תחתו קרי

## ט

1 האָט געענטפערט איוב, אונ האָט געזאָגט:
2 אמת, איך ווייס אַז אַזוי איז עס;
אונ ווי קען אַ מענטש גערעכט זיין קעגן גאָט?
3 אַז ער זאָל וועלן זיך קריגן מיט אים,
וואָלט ער אים ניט געקענט ענטפערן איינס פונ
טויזנט.
4 קלוג אינ האַרצן, אונ שטאַרק אינ כּוח –
ווער קען זיך עקשנען קעגן אים אונ אַרויס גאַנץ?
5 דער וואָס רוקט איבּער בּערג, אונ זיי מערקן ניט,
ווען ער קערט זיי איבּער אינ זיין צאָרן.
6 דער וואָס טרייסלט אויף די ערד פונ איר אָרט,
אַז אירע זיילן ציטערן.
7 דער וואָס הייסט דער זון, אונ זי שיינט ניט,
אונ די שטערן פאַרחתמעט ער.
8 ער האָט אויסגעשפּרייט די הימלען אַליין,
אונ ער טרעט אויף די הייכן פונ ים.
9 ער האָט געמאַכט דעם בּערשטערן,
דעם אָריאָן אונ דעם זיבּנשטערן,
אונ די קאַמערן פונ דָרום.

10 ער טוט גרויסע זאַכן אַזש ניט צו דערפאָרשן,
אונ וווּנדער אַזש אָן אַ צאָל.
11 אָט גייט ער מיר פאַרבּיי, אונ איך זע ניט,
אונ ער ציט דורך, אונ איך מערק אים ניט.
12 אָט כאַפּט ער אַוועק – ווער קען אים אָפּהאַלטן?
ווער קען אים זאָגן: וואָס טוסטו?
13 גאָט קערט ניט אָפּ זיין צאָרן;
אונטער אים האָבּן זיך געבּויגן די העלפער פונ רַהַב.
14 היינט ווי שוין קען איך אים ענטפערן,
קלייבּן מיינע ווערטער קעגן אים?
15 וואָס אַפילו איך זאָל גערעכט זיין, קען איך ניט
ענטפערן;
בּעטן מוז איך זיך בּיי דעם וואָס משפּט מיך.
16 אַפילו איך זאָל רופן אונ ער זאָל ענטפערן,
וואָלט איך ניט גלויבּן אַז ער האָט פאַרנומען מיין
קָול.
17 ער וואָס צערייבּט מיך מיט שטורעמווינט,

יח וְהִרְבָּה פְצָעַי חִנָּם׃ לֹא־יִתְּנֵנִי הָשֵׁב רוּחִי כִּי יַשְׂבִּעַנִי
יט מַמְּרֹרִים׃ אִם־לְכֹחַ אַמִּיץ הִנֵּה וְאִם־לְמִשְׁפָּט מִי יוֹעִידֵנִי׃
כ כא אִם־אֶצְדָּק פִּי יַרְשִׁיעֵנִי תָּם־אָנִי וַיַּעְקְשֵׁנִי׃ תָּם אָנִי לֹא־
כב אֵדַע נַפְשִׁי אֶמְאַס חַיָּי׃ אַחַת הִיא עַל־כֵּן אָמַרְתִּי תָּם
כג וְרָשָׁע הוּא מְכַלֶּה׃ אִם־שׁוֹט יָמִית פִּתְאֹם לְמַסַּת נְקִיִּם
כד יִלְעָג׃ אֶרֶץ ׀ נִתְּנָה בְיַד־רָשָׁע פְּנֵי־שֹׁפְטֶיהָ יְכַסֶּה אִם־לֹא
כה אֵפוֹא מִי־הוּא׃ וְיָמַי קַלּוּ מִנִּי־רָץ בָּרְחוּ לֹא־רָאוּ טוֹבָה׃
כו כז חָלְפוּ עִם־אֳנִיּוֹת אֵבֶה כְּנֶשֶׁר יָטוּשׂ עֲלֵי־אֹכֶל׃ אִם־אָמְרִי
כח אֶשְׁכְּחָה שִׂיחִי אֶעֶזְבָה פָנַי וְאַבְלִיגָה׃ יָגֹרְתִּי כָל־עַצְּבֹתָי
כט יָדַעְתִּי כִּי לֹא תְנַקֵּנִי׃ אָנֹכִי אֶרְשָׁע לָמָּה זֶּה הֶבֶל אִיגָע׃
ל לא אִם־הִתְרָחַצְתִּי בְמוֹ־שָׁלֶג וַהֲזִכּוֹתִי בְּבֹר כַּפָּי׃ אָז בַּשַּׁחַת
לב תִּטְבְּלֵנִי וְתִעֲבוּנִי שַׂלְמוֹתָי׃ כִּי־לֹא־אִישׁ כָּמֹנִי אֶעֱנֶנּוּ נָבוֹא
לג יַחְדָּו בַּמִּשְׁפָּט׃ לֹא יֵשׁ־בֵּינֵינוּ מוֹכִיחַ יָשֵׁת יָדוֹ עַל־שְׁנֵינוּ׃
לד לה יָסֵר מֵעָלַי שִׁבְטוֹ וְאֵמָתוֹ אַל־תְּבַעֲתַנִּי׃ אֲדַבְּרָה וְלֹא
אִירָאֶנּוּ כִּי לֹא־כֵן אָנֹכִי עִמָּדִי׃

י

א נָקְטָה נַפְשִׁי בְּחַיָּי אֶעֶזְבָה עָלַי שִׂיחִי אֲדַבְּרָה בְּמַר נַפְשִׁי׃
ב אֹמַר אֶל־אֱלוֹהַּ אַל־תַּרְשִׁיעֵנִי הוֹדִיעֵנִי עַל־מַה־תְּרִיבֵנִי׃
ג הֲטוֹב לְךָ ׀ כִּי־תַעֲשֹׁק כִּי־תִמְאַס יְגִיעַ כַּפֶּיךָ וְעַל־עֲצַת
ד רְשָׁעִים הוֹפָעְתָּ׃ הַעֵינֵי בָשָׂר לָךְ אִם־כִּרְאוֹת אֱנוֹשׁ תִּרְאֶה׃
ה ו הֲכִימֵי אֱנוֹשׁ יָמֶיךָ אִם־שְׁנוֹתֶיךָ כִּימֵי גָבֶר׃ כִּי־תְבַקֵּשׁ
ז לַעֲוֺנִי וּלְחַטָּאתִי תִדְרוֹשׁ׃ עַל־דַּעְתְּךָ כִּי־לֹא אֶרְשָׁע וְאֵין
ח מִיָּדְךָ מַצִּיל׃ יָדֶיךָ עִצְּבוּנִי וַיַּעֲשׂוּנִי יַחַד סָבִיב וַתְּבַלְּעֵנִי׃
ט י זְכָר־נָא כִּי־כַחֹמֶר עֲשִׂיתָנִי וְאֶל־עָפָר תְּשִׁיבֵנִי׃ הֲלֹא כֶחָלָב
יא תַּתִּיכֵנִי וְכַגְּבִנָּה תַּקְפִּיאֵנִי׃ עוֹר וּבָשָׂר תַּלְבִּישֵׁנִי וּבַעֲצָמוֹת
יב וְגִידִים תְּשֹׂכְכֵנִי׃ חַיִּים וָחֶסֶד עָשִׂיתָ עִמָּדִי וּפְקֻדָּתְךָ
יג שָׁמְרָה רוּחִי׃ וְאֵלֶּה צָפַנְתָּ בִלְבָבֶךָ יָדַעְתִּי כִּי־זֹאת עִמָּךְ׃

ט, יט׳ ס״א לְכֹחַ   כ׳ קמץ בדתי   כב׳ פתח באתנח
ל׳ במי קרי   לד׳ ט׳ רפתי   פתח בס״פ ודגש

און מערט מיינע ווונדן אומזיסט.
18 ער לאָזט מיך מיין אָטעם ניט אָפּציען,
נייערט ער זעטיקט מיך מיט ביטערנישן.
19 אויב אין כּוח, איז ער מאַכטיקער,
און אויב אויף אַ משפּט: „ווער קען מיך לאָדן?"
20 אַפילו איך זאָל זיין גערעכט, וועט מיין מויל מיך פאַר־
שולדיקן;
איך מעג זיין אומשולדיק, וועט ער מיך מאַכן פאַר
קרום.

21 איך בין אומשולדיק;
מיך אַרט ניט מיין נפש,
מיר איז נמאס מיין לעבן.
22 עס איז אַלץ איינס, דרום זאָג איך:
דעם אומשולדיקן אַזוי ווי דעם רשע פאַרלענדט ער.
23 ווען די רוט טייט פּלוצלינג,
שפּאָט ער אויף דעם גוססן פון די אומשולדיקע.
24 די ערד איז איבערגעגעבן אין דער האַנט פון רשע;
דעם פּנים פון אירע ריכטער פאַרדעקט ער;
אויב ניט, ווער דען איז דאָס?
25 און מיינע טעג זיינען פלינקער פון אַ לויפער,
זיי זיינען אַנטלאָפן, ניט אָנגעזען גוטס.
26 זיי זיינען אַוועק גלייך ווי ראָרשיפן,
ווי אַן אָדלער וואָס שוועבט אויפן עסן.
27 אַז איך זאָג, איך וועל פאַרגעסן מיין קלאָג,
אַוועקוואַרפן מיין אומעטיק פּנים, און זיך אויפמונטערן,
28 שרעק איך זיך פאַר אַלע מיינע ווייטאָקן,
איך ווייס אַז דו וועסט מיר ניט שענקען.
29 שולדיק מוז איך בלייבן,
טאָ נאָך וואָס זאָל איך מיך מיען אומנישט?
30 אַז איך וואָלט זיך געוואַשן מיט שנייוואַסער,
און גערייניקט מיט לויג מיינע הענט,
31 וועסטו דענסמאָל אין אַ גראָבן מיך אַיינטונקען,
אַז מיינע קליידער וועלן זיך עקלען מיט מיר.
32 וואָרום ניט אַ מענטש ווי איך איז ער, איך זאָל אים
ענטפערן,
מיר זאָלן אין איינעם צום משפּט גיין.

33 ניטאָ צווישן אונדז קיין אַנטשיידער,
וואָס זאָל לייגן זיין האַנט אויף אונדז ביידן.
34 זאָל ער אָפּטאָן פון מיר זיין רוט,
און זיין אימה זאָל מיך ניט שרעקן,
35 וועל איך רעדן, און ניט מורא האָבן פאַר אים;
וואָרום בין איך דען ניט פעסט ביי זיך?

**י** 1 מיר אַליין עקלט מיין לעבן;
איך וועל פון מיר לויז לאָזן מיין קלאָג,
איך וועל רעדן אין דער ביטערקייט פון מיין זעל.
2 איך וועל זאָגן צו גאָט: זאָלסט מיך ניט שולדיק מאַכן;
לאָז מיך וויסן פאַרוואָס דו קריגסט זיך מיט מיר.
3 איז דיר גוט אַז דו דריקסט,
אַז דו פאַראַכטסט די מי פון דיינע הענט,
און דעם באַראָט פון די רשעים באַשייַנסטו?
4 זיינען אויגן פון פלייש ביי דיר?
צי זעסטו ווי אַ מענטש זעט?
5 זיינען ווי די טעג פון אַ מענטשן דיינע טעג,
צי דיינע יאָרן ווי די טעג פון אַ מאַן?
6 אַז דו זוכסט מיין זינד,
און פאָרשסט מיין חטא,
7 הגם דו ווייסט אַז איך בין ניט שולדיק,
נאָר ניטאָ ווער זאָל מציל זיין פון דיין האַנט.
8 דיינע הענט האָבן מיך געפורעמט און געמאַכט
מיט אַלעם מיטאַנאַנדער, פון דעסטוועגן ברענגסטו
מיך אום.
9 געדענק פאָרט, אַז ווי ליים האָסטו מיך געמאַכט,
און צו שטויב וועסטו מיך אומקערן.
10 פאַרוואָר, ווי מילך האָסטו מיך אויסגעגאָסן,
און ווי קעז האָסטו מיך פאַרגליווערט.
11 מיט הויט און פלייש האָסטו מיך באַקליידט,
און מיט ביינער און אָדערן געפלאָכטן.
12 לעבן און גענאָד האָסטו מיר באַשערט,
און דיין אָבאַכט האָט אָפּגעהיט מיין גייסט.
13 אָבער דאָס האָסטו באַהאַלטן אין דיין האַרצן,
איך ווייס אַז דאָס האָסטו געהאַט אין זינען:

14 אַז איך זינדיק, וועסטו מיך היטן,
און פון מיין חטא מיך ניט ריין מאַכן.
15 אַז איך בין שולדיק, איז ווי צו מיר,
און בין איך גערעכט, קען איך ניט אויפהייבן דעם קאָפּ,
זאַט מיט שאַנד, און זעענדיק מיין פּיין.
16 און הייבט ער זיך אויף, יאָגסטו מיך ווי אַ לייב,
און אַלץ ווידער באַווייזסטו זיך משונה קעגן מיר.
17 באַנייסט דיינע עדות קעגן מיר,
און מערסט דיין כּעס אויף מיר;
געביטן נאָכאַנאַנד ווערט דער חיל קעגן מיר.

18 און נאָך וואָס האָסטו מיך פון טראַכט אַרויסגעצויגן?
איך וואָלט פאַרגאַנגען, און אַן אויג וואָלט מיך ניט אָנגעזען.
19 ווי ניט געווען וואָלט איך געווען,
פון מוטערלייב וואָלט איך צום קבר געבראַכט געוואָרן.
20 מיינע טעג זיינען דאָך ווינציק, טאָ הער אויף,
און טו זיך אָפּ פון מיר, איך זאָל זיך אויפמונטערן אַ ביסל,
21 איידער איך גיי אַוועק זיך ניט אומצוקערן,
אין אַ לאַנד פון חושך און טויטשאָטן,
22 אַ לאַנד טונקל ווי די פינצטערניש אַליין,
טויטשאָטן אָן אָרדענונג,
וווּ אַפילו אַז עס שיינט, איז ווי פינצטערניש.

## יא

1 האָט געענטפערט צופר דער נעמתי, און האָט געזאָגט:
2 זאָל דער פילרעדעוודיקער בלייבן ניט געענטפערט?
און צי זאָל דער ליפּנמענטש בלייבן גערעכט?
3 דיינע פּלוידערייען מאַכן מענטשן שווייגן,
און דו שפּאָטסט, און קיינער האַלט ניט פּאַר.
4 און דו זאָגסט: לויטער איז מיין לערנונג,
און ריין בין איך אין דיינע אויגן.
5 אָבער הלוואַי רעדט גאָט,
און עפנט זיינע ליפּן מיט דיר,
6 און דערציילט דיר די פאַרבאָרגענישן פון קלוגשאַפט,
ווי פילפאַכיק די חכמה איז,
און וואָלסט וויסן אַז גאָט מאָנט פון דיר
ווינציקער ווי דיין זינד.
7 ווילסטו די דערפאָרשונג פון גאָט געפינען?
צי דעם ציל פון אַלמאַכטיקן געפינען?
8 עס איז הויך ווי די הימלען, וואָס קענסטו אויפטאָן?
טיפער פון אונטערערד, וואָס קענסטו וויסן?
9 לענגער פון דער ערד איז די מאָס דערפון,
און ברייטער פון ים.
10 אַז ער גייט פאַרביי און פאַרשליסט,
אָדער ער זאַמלט איין, ווער קען אים אָפּהאַלטן?
11 וואָרום ער ווייס די פאַלשע לייט,
און ער זעט דאָס אומרעכט, אָן צומאָל אַ קוק טאָן.
12 אָבער דער פוסטער מענטש וועט קריגן שׂכל[א],
ווען אַ יונגער וואַלדאייזל וועט איבערגעבאָרן ווערן
אין אַ מענטשן.

[א] וואָרטשפּיל: נָבוּב יִלָּבֵב.

יד טו אִם־חָטָאתִי וּשְׁמַרְתָּנִי וּמֵעֲוֺנִי לֹא תְנַקֵּנִי׃ אִם־רָשַׁעְתִּי
אַלְלַי לִי וְצָדַקְתִּי לֹא־אֶשָּׂא רֹאשִׁי שְׂבַע קָלוֹן וּרְאֵה עָנְיִי׃
טז יז וְיִגְאֶה כַּשַּׁחַל תְּצוּדֵנִי וְתָשֹׁב תִּתְפַּלָּא־בִי׃ תְּחַדֵּשׁ עֵדֶיךָ ׀
יח נֶגְדִּי וְתֶרֶב כַּעַשְׂךָ עִמָּדִי חֲלִיפוֹת וְצָבָא עִמִּי׃ וְלָמָּה מֵרֶחֶם
יט הֹצֵאתָנִי אֶגְוַע וְעַיִן לֹא־תִרְאֵנִי׃ כַּאֲשֶׁר לֹא־הָיִיתִי אֶהְיֶה
כ מִבֶּטֶן לַקֶּבֶר אוּבָל׃ הֲלֹא־מְעַט יָמַי יֶחְדָּל יְשִׁית מִמֶּנִּי
כא וְאַבְלִיגָה מְּעָט׃ בְּטֶרֶם אֵלֵךְ וְלֹא אָשׁוּב אֶל־אֶרֶץ חֹשֶׁךְ
כב וְצַלְמָוֶת׃ אֶרֶץ עֵיפָתָה ׀ כְּמוֹ אֹפֶל צַלְמָוֶת וְלֹא סְדָרִים
וַתֹּפַע כְּמוֹ־אֹפֶל׃

יא

א ב וַיַּעַן צֹפַר הַנַּעֲמָתִי וַיֹּאמַר׃ הֲרֹב דְּבָרִים לֹא יֵעָנֶה וְאִם־
ג אִישׁ שְׂפָתַיִם יִצְדָּק׃ בַּדֶּיךָ מְתִים יַחֲרִישׁוּ וַתִּלְעַג וְאֵין
ד ה מַכְלִם׃ וַתֹּאמֶר זַךְ לִקְחִי וּבַר הָיִיתִי בְעֵינֶיךָ׃ וְאוּלָם
ו מִי־יִתֵּן אֱלוֹהַּ דַּבֵּר וְיִפְתַּח שְׂפָתָיו עִמָּךְ׃ וְיַגֶּד־לְךָ ׀ תַּעֲלֻמוֹת
חָכְמָה כִּי־כִפְלַיִם לְתוּשִׁיָּה וְדַע כִּי־יַשֶּׁה לְךָ אֱלוֹהַּ מֵעֲוֺנֶךָ׃
ז ח הַחֵקֶר אֱלוֹהַּ תִּמְצָא אִם עַד־תַּכְלִית שַׁדַּי תִּמְצָא׃ גָּבְהֵי
ט שָׁמַיִם מַה־תִּפְעָל עֲמֻקָּה מִשְּׁאוֹל מַה־תֵּדָע׃ אֲרֻכָּה מֵאֶרֶץ
י מִדָּהּ וּרְחָבָה מִנִּי־יָם׃ אִם־יַחֲלֹף וְיַסְגִּיר וְיַקְהִיל וּמִי
יא יְשִׁיבֶנּוּ׃ כִּי־הוּא יָדַע מְתֵי־שָׁוְא וַיַּרְא־אָוֶן וְלֹא יִתְבּוֹנָן׃
יב יג וְאִישׁ נָבוּב יִלָּבֵב וְעַיִר פֶּרֶא אָדָם יִוָּלֵד׃ אִם־אַתָּה הֲכִינוֹתָ
יד לִבֶּךָ וּפָרַשְׂתָּ אֵלָיו כַּפֶּךָ׃ אִם־אָוֶן בְּיָדְךָ הַרְחִיקֵהוּ וְאַל־
טו תַּשְׁכֵּן בְּאֹהָלֶיךָ עַוְלָה׃ כִּי־אָז ׀ תִּשָּׂא פָנֶיךָ מִמּוּם וְהָיִיתָ
טז מֻצָק וְלֹא תִירָא׃ כִּי־אַתָּה עָמָל תִּשְׁכָּח כְּמַיִם עָבְרוּ תִזְכֹּר׃
יז יח וּמִצָּהֳרַיִם יָקוּם חָלֶד תָּעֻפָה כַּבֹּקֶר תִּהְיֶה׃ וּבָטַחְתָּ כִּי־
יט יֵשׁ תִּקְוָה וְחָפַרְתָּ לָבֶטַח תִּשְׁכָּב׃ וְרָבַצְתָּ וְאֵין מַחֲרִיד
כ וְחִלּוּ פָנֶיךָ רַבִּים׃ וְעֵינֵי רְשָׁעִים תִּכְלֶינָה וּמָנוֹס אָבַד מִנְהֶם
וְתִקְוָתָם מַפַּח־נָפֶשׁ׃

י, כ׳ וחדל קרי ושית קרי יא, טו׳ הצ׳ רפה

13 אַז דו וועסט צוקערן דיין האַרץ,
און אויסשפּרייטן צו אים דיינע הענט —
14 אויב אומרעכט איז אין דיין האַנט, דערווייטער עס,
און זאָלסט ניט לאָזן רוען אין דיינע געצעלטן אַן עוולה —
15 דענסמאָל וועסטו אויפהייבן דיין פּנים אָן אַ פלעק,
און וועסט פעסט זיין, און ניט מורא האָבן.
16 וואָרום די מאַטערניש וועסטו פאַרגעסן;
ווי וואַסער וואָס איז אַוועק וועסטו עס דערמאָנען.
17 און העלער ווי מיטן טאָג וועט אויפשטיין דיין לעבן,
די פינצטערניש וועט ווי דער מאָרגן ווערן.
18 און וועסט זיין זיכער, ווייל האָפענונג איז דאָ,
און וועסט זיך אַרומקוקן, און ליגן אין זיכערקייט.
19 און וועסט הויערן, און קיינער וועט ניט שרעקן,
און פיל וועלן זוכן דיין לייטזעליקייט.
20 אָבער די אויגן פון די רשעים וועלן אויסגיין,
און אַנטרינונג וועט זיין פאַרלאָרן פון זיי,
און זייער האָפענונג — אַן אויסהויכעניש פון דער נשמה.

יב

וַיַּעַן אִיּוֹב וַיֹּאמַר׃ אָמְנָם כִּי־אַתֶּם עָם וְעִמָּכֶם תָּמוּת א ב
חָכְמָה׃ גַּם־לִי לֵבָב ׀ כְּמוֹכֶם לֹא־נֹפֵל אָנֹכִי מִכֶּם וְאֶת־ ג
מִי־אֵין כְּמוֹ־אֵלֶּה׃ שְׂחֹק לְרֵעֵהוּ ׀ אֶהְיֶה קֹרֵא לֶאֱלוֹהַּ ד
וַיַּעֲנֵהוּ שְׂחוֹק צַדִּיק תָּמִים׃ לַפִּיד בּוּז לְעַשְׁתּוּת שַׁאֲנָן ה
נָכוֹן לְמוֹעֲדֵי רָגֶל׃ יִשְׁלָיוּ אֹהָלִים ׀ לְשֹׁדְדִים וּבַטֻּחוֹת ו
לְמַרְגִּיזֵי אֵל לַאֲשֶׁר הֵבִיא אֱלוֹהַּ בְּיָדוֹ׃ וְאוּלָם שְׁאַל־נָא ז
בְהֵמוֹת וְתֹרֶךָּ וְעוֹף הַשָּׁמַיִם וְיַגֶּד־לָךְ׃ אוֹ שִׂיחַ לָאָרֶץ ח
וְתֹרֶךָּ וִיסַפְּרוּ לְךָ דְּגֵי הַיָּם׃ מִי לֹא־יָדַע בְּכָל־אֵלֶּה כִּי ט
יַד־יְהוָה עָשְׂתָה זֹּאת׃ אֲשֶׁר בְּיָדוֹ נֶפֶשׁ כָּל־חָי וְרוּחַ כָּל־ י
בְּשַׂר־אִישׁ׃ הֲלֹא אֹזֶן מִלִּין תִּבְחָן וְחֵךְ אֹכֶל יִטְעַם־לוֹ׃ יא
בִּישִׁישִׁים חָכְמָה וְאֹרֶךְ יָמִים תְּבוּנָה׃ עִמּוֹ חָכְמָה וּגְבוּרָה יב יג
לוֹ עֵצָה וּתְבוּנָה׃ הֵן יַהֲרוֹס וְלֹא יִבָּנֶה יִסְגֹּר עַל־אִישׁ יד
וְלֹא יִפָּתֵחַ׃ הֵן יַעְצֹר בַּמַּיִם וְיִבָשׁוּ וִישַׁלְּחֵם וְיַהַפְכוּ טו
אָרֶץ׃ עִמּוֹ עֹז וְתוּשִׁיָּה לוֹ שֹׁגֵג וּמַשְׁגֶּה׃ מוֹלִיךְ יוֹעֲצִים טז יז
שׁוֹלָל וְשֹׁפְטִים יְהוֹלֵל׃ מוּסַר מְלָכִים פִּתֵּחַ וַיֶּאְסֹר אֵזוֹר יח
בְּמָתְנֵיהֶם׃ מוֹלִיךְ כֹּהֲנִים שׁוֹלָל וְאֵתָנִים יְסַלֵּף׃ מֵסִיר יט כ
שָׂפָה לְנֶאֱמָנִים וְטַעַם זְקֵנִים יִקָּח׃ שׁוֹפֵךְ בּוּז עַל־נְדִיבִים כא
וּמְזִיחַ אֲפִיקִים רִפָּה׃ מְגַלֶּה עֲמֻקוֹת מִנִּי־חֹשֶׁךְ וַיֹּצֵא לָאוֹר כב
צַלְמָוֶת׃ מַשְׂגִּיא לַגּוֹיִם וַיְאַבְּדֵם שֹׁטֵחַ לַגּוֹיִם וַיַּנְחֵם׃ מֵסִיר כג כד
לֵב רָאשֵׁי עַם־הָאָרֶץ וַיַּתְעֵם בְּתֹהוּ לֹא־דָרֶךְ׃ יְמַשְׁשׁוּ־ כה
חֹשֶׁךְ וְלֹא־אוֹר וַיַּתְעֵם כַּשִּׁכּוֹר׃

יג

הֶן־כֹּל רָאֲתָה עֵינִי שָׁמְעָה אָזְנִי וַתָּבֶן לָהּ׃ כְּדַעְתְּכֶם א ב
יָדַעְתִּי גַם־אָנִי לֹא־נֹפֵל אָנֹכִי מִכֶּם׃ אוּלָם אֲנִי אֶל־שַׁדַּי ג
אֲדַבֵּר וְהוֹכֵחַ אֶל־אֵל אֶחְפָּץ׃ וְאוּלָם אַתֶּם טֹפְלֵי־שָׁקֶר ד
רֹפְאֵי אֱלִל כֻּלְּכֶם׃ מִי־יִתֵּן הַחֲרֵשׁ תַּחֲרִישׁוּן וּתְהִי לָכֶם ה

יב, כב׳ בא הק׳ דגושה

יב

1 האָט געענטפערט איוב, און האָט געזאָגט:
2 אמת יאָ, איר זייט די לייט,
און מיט אײַך וועט אָפּשטאַרבן די חכמה!
3 איך האָב אויך פאַרשטאַנדיקייט אַזוי ווי איר,
איך פאַל ניט אַראָפּ קעגן אײַך;
און בײַ וועמען איז אַזויוואָס ניטאָ?
4 אַ געלעכטער בײַם חבר בין איך געוואָרן —
דער וואָס האָט גערופן צו גאָט, און ער האָט אים געענטפערט;
אַ געלעכטער — דער גערעכטער, דער פרומער.
5 דעם אומגליקלעכן קומט פאַראַכטונג,
ווערליק די געדאַנקען פון דעם גליקלעכן,
אַ שטויס — די וואָס זייער פוס גליטשט זיך אויס.
6 בשלווה זײַנען די געצעלטן פון די רויבער,
און אין זיכערקייט די וואָס דערצערענען גאָט,
דער וואָס ברענגט זײַן גאָט אין זײַן פויסט.
7 אָבער פרעג אַקאָרשט די בהמות, און זיי וועלן דיך לערנען,
און דעם פויגל פון הימל, און ער וועט דיר זאָגן;
8 אָדער רעד צו דער ערד, און זי וועט דיך לערנען,
און דיר וועלן דערציילן די פישן פון ים.
9 ווער צווישן אַלע דאָזיקע ווייס ניט,
אַז די האַנט פון גאָט האָט דאָס געמאַכט?
10 אַז אין זײַן האַנט איז די זעל פון יעטוועדער לעבעדיקן,
און דער גייסט פון יעטוועדער מענטשנס לײַב. —
11 דאַרף ניט דאָס אויער פּרוּוון ווערטער,
אַזוי ווי דער גומען פאַרזוכט זײַן שפּײַז?
12 איז בײַ גרייזן די חכמה,
און אין אַריכת־ימים פאַרשטאַנדיקייט? —
13 בײַ אים איז חכמה און גבורה,
ער האָט עצות און פאַרשטאַנדיקייט.
14 זע, ער צעשטערט, און עס ווערט ניט אָפּגעבויט,
ער פאַרשליסט אַ מענטשן, און עס ווערט ניט געעפנט.
15 זע, ער פאַרהאַלט וואַסערן, און זיי ווערן אויסגעטריקנט,
און ער שיקט זיי אַרויס, און זיי קערן איבער די ערד.
16 בײַ אים איז מאַכט און קלוגשאַפט,
זײַנער איז אי דער פאַרפירטער אי דער פאַרפירער.
17 ער מאַכט אומגיין די יועצים באַנומענע,
און די ריכטער באַנאַרישט ער.
18 די געבונדענע פון די מלכים מאַכט ער לויז,
און אויף זייערע לענדן בינדט ער אַ שטריקגאַרטל.
19 ער מאַכט אומגיין די כהנים באַנומענע,
און די מאַכטיקע פאַרדרייט ער.
20 ער נעמט אָפּ דעם לשון בײַ די באַרעדעוודיקע,
און דעם שׂכל פון די זקנים נעמט ער אַוועק.
21 ער גיסט פאַראַכטונג אויף פירשטן,
און דעם אָנגורט פון די שטאַרקע מאַכט ער לויז.
22 ער אַנטפּלעקט טיפענישן פון דער פינצטער,
און ברענגט אַרויס אין ליכט דעם שאָטן פון טויט.
23 ער דערהייכט די פעלקער, און ברענגט זיי אונטער,
ער שפּרייט אויס די פעלקער, און פירט זיי אַוועק.
24 ער טוט אָפּ דעם שׂכל פון די הויפּטלײַט פון דעם פאָלק פון לאַנד,
און מאַכט זיי בלאָנדזשען אין אַ וויסטעניש אָן אַ וועג.
25 זיי טאַפּן אין חושך אָן ליכט,
און ער מאַכט זיי וואַקלען ווי אַ שיכורער.

יג

1 זע, אַלץ האָט געזען מײַן אויג,
מײַן אויער האָט געהערט און זיך געמערקט.
2 ווי איר ווייסט, ווייס איך אויך,
איך פאַל ניט אַראָפּ קעגן אײַך.
3 אָבער איך וויל צום אַלמאַכטיקן רעדן,
און טענהן צו גאָט וויל איך.
4 איר אָבער זייט שמירער פון ליגן,
נישטיקע רופאים זייט איר אַלע.
5 הלוואַי וואָלט איר שווײַגן געשוויגן,
וואָלט דאָס פון אײַך אַ חכמה געווען.

ו לְחָכְמָה׃ שִׁמְעוּ־נָא תוֹכַחְתִּי וְרִבוֹת שְׂפָתַי הַקְשִׁיבוּ׃
ז ח הֲלָאֵל תְּדַבְּרוּ עַוְלָה וְלוֹ תְּדַבְּרוּ רְמִיָּה׃ הֲפָנָיו תִּשָּׂאוּן
ט אִם־לָאֵל תְּרִיבוּן׃ הֲטוֹב כִּי־יַחְקֹר אֶתְכֶם אִם־כְּהָתֵל
י בֶּאֱנוֹשׁ תְּהָתֵלּוּ בוֹ׃ הוֹכֵחַ יוֹכִיחַ אֶתְכֶם אִם־בַּסֵּתֶר פָּנִים
יא תִּשָּׂאוּן׃ הֲלֹא שְׂאֵתוֹ תְּבַעֵת אֶתְכֶם וּפַחְדּוֹ יִפֹּל עֲלֵיכֶם׃
יב יג זִכְרֹנֵיכֶם מִשְׁלֵי־אֵפֶר לְגַבֵּי־חֹמֶר גַּבֵּיכֶם׃ הַחֲרִישׁוּ מִמֶּנִּי
יד וַאֲדַבְּרָה־אָנִי וְיַעֲבֹר עָלַי מָה׃ עַל־מָה ׀ אֶשָּׂא בְשָׂרִי בְשִׁנָּי
טו וְנַפְשִׁי אָשִׂים בְּכַפִּי׃ הֵן יִקְטְלֵנִי לֹא אֲיַחֵל אַךְ־דְּרָכַי אֶל־
טז פָּנָיו אוֹכִיחַ׃ גַּם־הוּא לִי לִישׁוּעָה כִּי לֹא לְפָנָיו חָנֵף יָבוֹא׃
יז יח שִׁמְעוּ שָׁמוֹעַ מִלָּתִי וְאַחֲוָתִי בְּאָזְנֵיכֶם׃ הִנֵּה־נָא עָרַכְתִּי
יט מִשְׁפָּט יָדַעְתִּי כִּי־אֲנִי אֶצְדָּק׃ מִי־הוּא יָרִיב עִמָּדִי כִּי־
כ עַתָּה אַחֲרִישׁ וְאֶגְוָע׃ אַךְ־שְׁתַּיִם אַל־תַּעַשׂ עִמָּדִי אָז מִפָּנֶיךָ
כא לֹא אֶסָּתֵר׃ כַּפְּךָ מֵעָלַי הַרְחַק וְאֵמָתְךָ אַל־תְּבַעֲתַנִּי׃
כב כג וּקְרָא וְאָנֹכִי אֶעֱנֶה אוֹ־אֲדַבֵּר וַהֲשִׁיבֵנִי׃ כַּמָּה לִי עֲוֹנוֹת
כד וְחַטָּאוֹת פִּשְׁעִי וְחַטָּאתִי הֹדִיעֵנִי׃ לָמָּה־פָנֶיךָ תַסְתִּיר
כה וְתַחְשְׁבֵנִי לְאוֹיֵב לָךְ׃ הֶעָלֶה נִדָּף תַּעֲרוֹץ וְאֶת־קַשׁ יָבֵשׁ
כו תִּרְדֹּף׃ כִּי־תִכְתֹּב עָלַי מְרֹרוֹת וְתוֹרִישֵׁנִי עֲוֹנוֹת נְעוּרָי׃
כז וְתָשֵׂם בַּסַּד ׀ רַגְלַי וְתִשְׁמוֹר כָּל־אָרְחֹתָי עַל־שָׁרְשֵׁי רַגְלַי
כח תִּתְחַקֶּה׃ וְהוּא כְּרָקָב יִבְלֶה כְּבֶגֶד אֲכָלוֹ עָשׁ׃

## יד

א ב אָדָם יְלוּד אִשָּׁה קְצַר יָמִים וּשְׂבַע־רֹגֶז׃ כְּצִיץ יָצָא וַיִּמָּל
ג וַיִּבְרַח כַּצֵּל וְלֹא יַעֲמוֹד׃ אַף־עַל־זֶה פָּקַחְתָּ עֵינֶךָ וְאֹתִי
ד תָבִיא בְמִשְׁפָּט עִמָּךְ׃ מִי־יִתֵּן טָהוֹר מִטָּמֵא לֹא אֶחָד׃
ה אִם־חֲרוּצִים ׀ יָמָיו מִסְפַּר־חֳדָשָׁיו אִתָּךְ חֻקָּו עָשִׂיתָ וְלֹא
ו ז יַעֲבֹר׃ שְׁעֵה מֵעָלָיו וְיֶחְדָּל עַד־יִרְצֶה כְּשָׂכִיר יוֹמוֹ׃ כִּי
יֵשׁ לָעֵץ תִּקְוָה אִם־יִכָּרֵת וְעוֹד יַחֲלִיף וְיֹנַקְתּוֹ לֹא תֶחְדָּל׃
ח ט אִם־יַזְקִין בָּאָרֶץ שָׁרְשׁוֹ וּבֶעָפָר יָמוּת גִּזְעוֹ׃ מֵרֵיחַ מַיִם

יג, ט׳ הל׳ דגושה   טו׳ לו קרי   כא׳ פתח באתנח   פתח בס״פ ותש
יד, ה׳ חקו קרי   ו׳ ס״א יִרְצֶה כְּשָׂכִיר

6 הערט אַקאָרשט מײַן טענה,
און די קריג פֿון מײַנע ליפּן פֿאַרנעמט.
7 ווילט איר פֿאַר גאָט רעדן אומרעכט,
און פֿאַר אים רעדן באַטרוג?
8 ווילט איר זײַן פּנים שאַנעווען,
צי ווילט איר פֿאַר גאָט זיך קריגן?
9 וועט גוט זײַן אַז ער וועט אײַך אויספֿאָרשן?
צי ווי מע נאַרט אַ מענטשן וועט איר אים אָפּנאַרן?
10 שטראָפֿן וועט ער אײַך שטראָפֿן,
אויב איר וועט אין פֿאַרבאָרגעניש שאַנעווען.
11 פֿאַרוואָר, זײַן גרויסקייט וועט אײַך דערשרעקן,
און זײַן פּחד וועט פֿאַלן אויף אײַך.
12 אײַערע בײַשפּילן זײַנען גענליכן צו אַש,
צו הויפֿנס ליים אײַערע [רייד] הויפֿנס.

13 לאָזט מיך אָפּ, און איך וועל רעדן,
און זאָל קומען אויף מיר וואָס וויל.
14 מעג זײַן וואָס, איך וועל נעמען מײַן פֿלייש אין מײַנע ציין,
און מײַן לעבן וועל איך אײַנשטעלן אין מײַן האַנט.
15 אָט וועט ער מיך טייטן — איך ריכט זיך אויף אים —
אָבער מײַנע וועגן וועל איך אויפֿווײַזן פֿאַר אים.
16 שוין דאָס וועט מיר זײַן אַ הילף,
וואָס פֿאַר אים קען קיין פֿאַלשער ניט קומען.
17 הערן הערט־צו מײַן וואָרט,
און מײַן אַרויסזאָג מיט אײַערע אויערן.
18 אָט, איך בעט אײַך, לייג איך פֿאַר דעם משפּט;
איך ווייס אַז איך וועל זײַן גערעכט.
19 ווער איז דער וואָס קען קריגן מיט מיר?
וואָרום דענסמאָל וואָלט איך שווײַגן און פֿאַרגיין.

20 נאָר צוויי זאַכן זאָלסטו ניט טאָן מיט מיר,
דענסמאָל וועל איך פֿאַר דײַן פּנים זיך ניט פֿאַרבאָרגן:
21 דײַן האַנט דערווײַטער פֿון מיר,
און דײַן אימה זאָל מיך ניט שרעקן.
22 און רוף, און איך וועל דיר ענטפֿערן,
צי איך וועל רעדן, און ענטפֿער דו מיר.
23 וויפֿיל האָב איך זינד און חטאים?
מײַן פֿאַרברעך און מײַן חטא לאָז מיך וויסן.
24 פֿאַרוואָס פֿאַרבאָרגסטו דײַן פּנים,
און רעכנסט מיך פֿאַר אַ שונא צו דיר?
25 צי אַ געטריבן בלאַט ווילסטו אײַנשרעקן,
און אַ פֿאַרטריקנטן שטרוי ווילסטו נאָכיאָגן?
26 וואָס דו שרײַבסט מיר אָן ביטערנישן,
און מאַכסט מיך ירשען די זינד פֿון מײַן יוגנט;
27 און טוסט אַרײַן אין אַ קלאָץ מײַנע פֿיס,
און היטסט אַלע מײַנע שטעגן;
אַרום מײַנע פֿוססטריט גריבלסטו זיך.
28 און איך[א] בין ווי אַ לאָגל וואָס צעקריכט,
ווי אַ בגד וואָס מאָל האָט אים צעפֿרעסן.

יד 1 דער מענטש, געבאָרן פֿון אַ פֿרוי,
האָט קורצע טעג און זאַט פֿאַרדראָס.
2 ווי אַ בלום קומט ער אַרויס און ווערט פֿאַרשניטן,
און ער אַנטלויפֿט ווי אַ שאָטן און באַשטייט ניט.
3 און אויף אַזעלכן האַלטסטו אָפֿן דײַנע אויגן?
און מיך ווילסטו ברענגען צום משפּט מיט דיר?
4 ווער קען מאַכן ריין פֿון אומריין?
קיין איינער ניט.
5 אויב זײַנע טעג זײַנען צוגעשניטן,
די צאָל פֿון זײַנע חדשים איז בײַ דיר,
גרענעצן האָסטו געמאַכט אים וואָס ער קען ניט אַריבער,
6 קער זיך אָפּ פֿון אים, כּדי ער זאָל האָבן רו,
ביז ער וועט דערפֿילן ווי אַ געדונגענער זײַן טאָג.

7 וואָרום פֿאַר אַ בוים איז דאָ אַ האָפֿענונג;
אַז ער ווערט אָפּגעשניטן, באַנײַט ער זיך ווידער,
און זײַן שפּראָץ הערט ניט אויף.
8 אַז אַלט אין דער ערד ווערט זײַן וואָרצל,
און אין שטויב שטאַרבט אָפּ זײַן שטאַם,
9 פֿון ריח פֿון וואַסער בליט ער אויף,

[א] אין טעקסט: וְהוּא, און ער.

י יפרח ועשה קציר כמו־נטע: וגבר ימות ויחלש ויגוע
יא יב אדם ואיו: אזלו־מים מני־ים ונהר יחרב ויבש: ואיש
שכב ולא־יקום עד־בלתי שמים לא יקיצו ולא־יערו
יג משנתם: מי יתן ׀ בשאול תצפנני תסתירני עד־שוב
יד אפך תשית לי חק ותזכרני: אם־ימות גבר היחיה כל־
טו ימי צבאי איחל עד־בוא חליפתי: תקרא ואנכי אענך
טז למעשה ידיך תכסף: כי־עתה צעדי תספור לא־תשמר
יז יח על־חטאתי: חתם בצרור פשעי ותטפל על־עוני: ואולם
יט הר־נופל יבול וצור יעתק ממקמו: אבנים ׀ שחקו מים
כ תשטף־ספיחיה עפר־ארץ ותקות אנוש האבדת: תתקפהו
כא לנצח ויהלך משנה פניו ותשלחהו: יכבדו בניו ולא
כב ידע ויצערו ולא־יבין למו: אך־בשרו עליו יכאב ונפשו
עליו תאבל:

## טו

א ב ויען אליפז התימני ויאמר: החכם יענה דעת־רוח
ג וימלא קדים בטנו: הוכח בדבר לא יסכון ומלים לא־
ד יועיל בם: אף־אתה תפר יראה ותגרע שיחה לפני־אל:
ה ו כי יאלף עונך פיך ותבחר לשון ערומים: ירשיעך פיך
ז ולא־אני ושפתיך יענו־בך: הראישון אדם תולד ולפני
ח גבעות חוללת: הבסוד אלוה תשמע ותגרע אליך חכמה:
ט י מה־ידעת ולא נדע תבין ולא־עמנו הוא: גם־שב גם־
יא ישיש בנו כביר מאביך ימים: המעט ממך תנחומות
יב אל ודבר לאט עמך: מה־יקחך לבך ומה־ירזמון עיניך:
יג יד כי־תשיב אל־אל רוחך והצאת מפיך מלין: מה־אנוש
טו כי־יזכה וכי־יצדק ילוד אשה: הן בקדשו לא יאמין
טז ושמים לא־זכו בעיניו: אף כי־נתעב ונאלח איש־שתה
יז יח כמים עולה: אחוך שמע־לי וזה־חזיתי ואספרה: אשר־

יד,יט׳ פתח בס״פ   טו, ז׳ יתיר י׳   טו׳ בקדשיו קרי   יז׳ בג א הוי בדגש

און לאָזט ריטלעך אַרויס ווי אַ פלאַנצונג.
10 אָבער אַ מאַן שטאַרבט און פאַלט אַוועק,
און פאַרגאַנגען דער מענטש, און וווּ איז ער?
11 וואַסערן גייען אַוועק פון ים,
און אַ טייך ווערט אויסגעטריקנט און טרוקן;
12 און דער מענטש לייגט זיך און שטייט ניט אויף;
ביז קיין הימל וועט ניט זיין וועלן זיי זיך ניט אויפכאַפּן,
און ניט אויפוואַכן פון זייער שלאָף.
13 ווען דו וואָלסט מיך אין אונטערערד באַהאַלטן,
מיך פאַרבאָרגן ביז דיין צאָרן וועט אָפּגיין,
מיר שטעלן אַ צייט, און זיך דערמאָנען אָן מיר!—
14 אַז אַ מענטש שטאַרבט, וועט ער דען לעבעדיק ווערן?—
אַלע טעג פון מיין דינסטצייט וואָלט איך געהאַרט
ביז מיין אורלויב וועט קומען.
15 וואָלסט גערופן, און איך וואָלט דיר געענטפערט,
ווען דו וואָלסט געגלוסט צו דעם ווערק פון דיינע הענט.
16 אָבער אַצונד ציילסטו מיינע טריט,
וואַרטסט צומאָל ניט אויף מיין חטא.
17 פאַרחתמעט אין אַ בייטל איז מיין פאַרברעך,
און דו לייגסט נאָך צו צו מיין זינד.
18 יאָ פאַרוואָר, אַ געפאַלענער באַרג צעבראָקלט זיך,
און אַ פעלז ווערט פאַררוקט פון זיין אָרט;
19 וואַסער צערייבט שטיינער,
אירע פלייצונגען שווענקען אַוועק דעם שטויב פון דער ערד;
אַזוי ברענגסטו אונטער די האָפענונג פון דעם מענטשן.
20 שטאַרקסט אים אייביק איבער, און ער פאַרגייט,
פאַרענדערסט זיין פּנים, און שיקסט אים אַוועק.
21 זיינע קינדער האָבן כבוד, און ער ווייס ניט,
און זיי ווערן צו קליין, און ער מערקט זיי ניט.
22 נאָר זיין פלייש ווייטאָקט אויף אים,
און זיין זעל טרויערט אויף אים.

## טו

1 האָט געענטפערט אֱליפַז דער תֵּימָני, און האָט געזאָגט:
2 וועט אַ חכם ענטפערן מיט קענשאַפט פון לופט,
און אָנפילן מיט מזרח־ווינט זיין בויך?
3 טענהן רייד וואָס טויגן ניט,
און ווערטער וואָס מע ברענגט קיין נוץ ניט מיט זיי?
4 אויך פאַרשטערסטו די גאָטספאָרכטיקייט,
און מינערסט די פרומקייט פאַר גאָט.
5 וואָרום דיין זינד לערנט דיין מויל,
און קלייבסט אויס די צונג פון די ליסטיקע.
6 דיין אייגן מויל מאַכט דיך שולדיק, און ניט איך,
און דיינע ליפּן זאָגן עדות קעגן דיר.
7 ביסטו דער ערשטער מענטש געבאָרן געוואָרן?
אָדער ביסטו פאַר די בערג באַשאַפן געוואָרן?
8 האָסטו דעם סוד פון גאָט איינגעהערט,
און אַוועקגענומען צו זיך די חכמה?
9 וואָס אַזוינס ווייסטו, וואָס מיר ווייסן ניט?
פאַרשטייסטו, וואָס ביי אונדז איז ניטאָ?
10 אי אַ גראָער קאָפּ אי אַ גרייז איז דאָ צווישן אונדז,
עלטער פון דיין פאָטער אין טעג.
11 זיינען דיר ווינציק די טרייסטונגען פון גאָט,
און דאָס וואָרט וואָס איז מילד צו דיר?
12 וואָס נעמט דיך דיין האַרץ,
און וואָס ווינקען דיינע אויגן,
13 אַז דו קערסט קעגן גאָט דיין גייסט,
און לאָזט אַרויס רייד פון דיין מויל?
14 וואָס איז אַ מענטש, אַז ער זאָל זיין ריין?
און קען דען גערעכט זיין אַ געבאָרענער פון אַ פרוי?
15 זע, אין זיינע הייליקע גלויבט ער ניט,
און די הימלען זיינען ניט ריין אין זיינע אויגן,
16 הייַנט ווי שוין דער אומווערדיקער און פאַרדאָרבענער,
דער מענטש, וואָס טרינקט אומרעכט ווי וואַסער?
17 איך וועל דיר באַשיידן, הער מיר צו,
און וואָס איך האָב געזען וועל איך דערציילן;
18 וואָס די חכמים גיבן איבער—

און פאַרהוילן ניט — פון זייערע עלטערן,
19 וואָס צו זיי אַליין איז געגעבן געוואָרן דאָס לאַנד,
און קיין פרעמדער איז ניט דורכגעגאַנגען צווישן זיי.
20 אַלע זיינע טעג איז אין ציטערניש דער רשע,
און געציילטע יאָרן זיינען אָנגעברייט דעם געוואַלט־טוער.
21 אַ קָול פון אַנגסטן איז אין זיינע אויערן:
אין מיטן שלום וועט קומען אַ פאַרוויסטער אויף אים.
22 ער גלויבט ניט זיך אויסצודרייען פון פינצטערניש,
און ער איז אויסגעקליבן פאַרן שווערד.
23 ער וואָגלט אום נאָך ברויט: ווו איז עס?
ער ווייס אַז לעבן אים איז אָנגעברייט דער טאָג פון פינצטערניש.
24 אים שרעקן אַנגסט און דריקעניש,
זיי כאַפּן אים אָן ווי אַ מלך אָנגעברייט צום קריג.
25 ווייל ער האָט אויסגעשטרעקט קעגן גאָט זיין האַנט,
און קעגן אַלמאַכטיקן זיך געשטאַרקט;
26 געלאָפן קעגן אים מיט אַ [שטאָלצן] האַלדז,
מיט די דיקע רוקנס פון זיינע שילדן.
27 ווייל ער האָט באַדעקט זיין פּנים מיט זיין פעטס,
און אָנגעלייגט פלאָסטן אויפן לענד;
28 און ער האָט באַוווינט פאַרוויסטע שטעט,
הייזער וואָס מע זיצט ניט אין זיי,
וואָס זיינען געווען אָנגעברייט אויף הויפנס.
29 ער וועט ניט רייך זיין, און ניט באַשטיין וועט זיין פאַרמעג,
און ניט נייגן וועט זיך צו דער ערד זייער תבואה.
30 ער וועט זיך ניט אָפּטאָן פון פינצטערניש;
זיין שפּראָץ וועט פאַרטריקענען אַ פלאַם,
און ער וועט אָפּגעטאָן ווערן דורך אַ הויך פון זיין[א] מויל.
31 זאָל ניט טרויען אויף נישט דער פאַרנאַרטער,
וואָרום נישט וועט זיין זיין אַיינבייט.
32 איידער זיין טאָג קומט, וועט עס דערפילט ווערן,
און זיין צווייג וועט ניט גרין זיין.
33 ער וועט אָפּשאָקלען ווי אַ ווייַנשטאָק זיין אומצייטיקס,
און אַראָפּוואַרפן ווי אַן איילבערטבוים זיין בליאונג.
34 וואָרום דאָס געזעמל פון די זינדיקע בלייבט וויסט,
און אַ פייער פאַרצערט די געצעלטן פון שוחד.
35 זיי טראָגן אומרעכט און געבערן אומגליק,
און זייער לייב ברייט אָן פאַר זיך אָפּנאַרונג.

# טז

1 האָט געענטפערט איוב, און האָט געזאָגט:
2 איך האָב געהערט פיל אַזוינס;
צרהדיקע טרייסטער זייט איר אַלע.
3 וועט זיין אַ סוף צו די ווינטיקע רייד?
אָדער וואָס שפּאַרט דיך אַז דו זאָלסט ענטפערן?
4 איך וואָלט אויך געקענט רעדן ווי איר
אַז איר וואָלט געווען אויף מיין אָרט;
איך וואָלט געקניפּט ווערטער אויף אַייך,
און געשאָקלט אויף אַייך מיין קאָפּ.
5 איך וואָלט אַייך געשטאַרקט מיט מיין מויל,
און דער באַדויער פון מיינע ליפּן וואָלט [אַייך] געלינדערט.

[א] גאָט.

יט חֲכָמִים יַגִּידוּ וְלֹא כִחֲדוּ מֵאֲבוֹתָם׃ לָהֶם לְבַדָּם נִתְּנָה
כ הָאָרֶץ וְלֹא־עָבַר זָר בְּתוֹכָם׃ כָּל־יְמֵי רָשָׁע הוּא מִתְחוֹלֵל
כא וּמִסְפַּר שָׁנִים נִצְפְּנוּ לֶעָרִיץ׃ קוֹל־פְּחָדִים בְּאָזְנָיו בַּשָּׁלוֹם
כב שׁוֹדֵד יְבוֹאֶנּוּ׃ לֹא־יַאֲמִין שׁוּב מִנִּי־חֹשֶׁךְ וְצָפוּ הוּא
כג אֱלֵי־חָרֶב׃ נֹדֵד הוּא לַלֶּחֶם אַיֵּה יָדַע ׀ כִּי־נָכוֹן בְּיָדוֹ
כד יוֹם־חֹשֶׁךְ׃ יְבַעֲתֻהוּ צַר וּמְצוּקָה תִּתְקְפֵהוּ כְּמֶלֶךְ ׀ עָתִיד
כה כו לַכִּידוֹר׃ כִּי־נָטָה אֶל־אֵל יָדוֹ וְאֶל־שַׁדַּי יִתְגַּבָּר׃ יָרוּץ
כז אֵלָיו בְּצַוָּאר בַּעֲבִי גַּבֵּי מָגִנָּיו׃ כִּי־כִסָּה פָנָיו בְּחֶלְבּוֹ
כח וַיַּעַשׂ פִּימָה עֲלֵי־כָסֶל׃ וַיִּשְׁכּוֹן ׀ עָרִים נִכְחָדוֹת בָּתִּים
כט לֹא־יֵשְׁבוּ לָמוֹ אֲשֶׁר הִתְעַתְּדוּ לְגַלִּים׃ לֹא־יֶעְשַׁר וְלֹא־
ל יָקוּם חֵילוֹ וְלֹא־יִטֶּה לָאָרֶץ מִנְלָם׃ לֹא־יָסוּר ׀ מִנִּי־חֹשֶׁךְ
לא יֹנַקְתּוֹ תְּיַבֵּשׁ שַׁלְהָבֶת וְיָסוּר בְּרוּחַ פִּיו׃ אַל־יַאֲמֵן בַּשָּׁו
לב נִתְעָה כִּי־שָׁוְא תִּהְיֶה תְמוּרָתוֹ׃ בְּלֹא־יוֹמוֹ תִּמָּלֵא וְכִפָּתוֹ
לג לד לֹא רַעֲנָנָה׃ יַחְמֹס כַּגֶּפֶן בִּסְרוֹ וְיַשְׁלֵךְ כַּזַּיִת נִצָּתוֹ׃ כִּי־
לה עֲדַת חָנֵף גַּלְמוּד וְאֵשׁ אָכְלָה אָהֳלֵי־שֹׁחַד׃ הָרֹה עָמָל
וְיָלֹד אָוֶן וּבִטְנָם תָּכִין מִרְמָה׃

טז

א ב וַיַּעַן אִיּוֹב וַיֹּאמַר׃ שָׁמַעְתִּי כְאֵלֶּה רַבּוֹת מְנַחֲמֵי עָמָל
ג כֻּלְּכֶם׃ הֲקֵץ לְדִבְרֵי־רוּחַ אוֹ מַה־יַּמְרִיצְךָ כִּי תַעֲנֶה׃
ד גַּם ׀ אָנֹכִי כָּכֶם אֲדַבֵּרָה לוּ יֵשׁ נַפְשְׁכֶם תַּחַת נַפְשִׁי
אַחְבִּירָה עֲלֵיכֶם בְּמִלִּים וְאָנִיעָה עֲלֵיכֶם בְּמוֹ רֹאשִׁי׃
ה ו אֲאַמִּצְכֶם בְּמוֹ־פִי וְנִיד שְׂפָתַי יַחְשֹׂךְ׃ אִם־אֲדַבְּרָה לֹא־
ז יֵחָשֵׂךְ כְּאֵבִי וְאַחְדְּלָה מַה־מִּנִּי יַהֲלֹךְ׃ אַךְ־עַתָּה הֶלְאָנִי
ח הֲשִׁמּוֹתָ כָּל־עֲדָתִי׃ וַתִּקְמְטֵנִי לְעֵד הָיָה וַיָּקָם בִּי כַחֲשִׁי
ט בְּפָנַי יַעֲנֶה׃ אַפּוֹ טָרַף ׀ וַיִּשְׂטְמֵנִי חָרַק עָלַי בְּשִׁנָּיו צָרִי ׀
י יִלְטוֹשׁ עֵינָיו לִי׃ פָּעֲרוּ עָלַי ׀ בְּפִיהֶם בְּחֶרְפָּה הִכּוּ לְחָיָי
יא יַחַד עָלַי יִתְמַלָּאוּן׃ יַסְגִּירֵנִי אֵל אֶל עֲוִיל וְעַל־יְדֵי רְשָׁעִים

טו, כב׳ תצפוי קרי   לא׳ חסר א   טז, ד׳ כצ״ל

6 אַז סיי איך רעד, ווערט ניט געמינערט מיין ווייטאָק,
און סיי איך הער אויף, גייט ער פון מיר ניט אַוועק;
7 פאַרוואָר, אַצונד האָט ער מיך פאַרמאַטערט;
האָסט צעגרוילט מיין גאַנצע געזעלנשאַפט.
8 און האָסט מיך צעקנייטשט —
צום עדות איז עס געוואָרן;
און מיין מאָגערקייט שטייט אויף קעגן מיר,
מיר אין פּנים קלאָגט זי אָן.
9 זיין צאָרן האָט פאַרצוקט מיט פּיינטשאַפט,
ער האָט געקריצט אויף מיר מיט זיינע ציין;
מיין שונא שלייפט זיינע אויגן אויף מיר.
10 מע שפּאַרט אויף דאָס מויל אויף מיר,
מיט שאַנד פאַטשט מען מיינע באַקן;
אין איינעם קלייבן זיי זיך אויף מיר.
11 גאָט ענטפערט מיך איבער צום פאַרברעכער,
און אין די הענט פון רשעים וואַרפט ער מיך.

יָרְטֵנִי׃ שָׁלֵו הָיִיתִי ׀ וַיְפַרְפְּרֵנִי וְאָחַז בְּעָרְפִּי וַיְפַצְפְּצֵנִי יב
וַיְקִימֵנִי לוֹ לְמַטָּרָה׃ יָסֹבּוּ עָלַי ׀ רַבָּיו יְפַלַּח כִּלְיוֹתַי וְלֹא יג
יַחְמֹל יִשְׁפֹּךְ לָאָרֶץ מְרֵרָתִי׃ יִפְרְצֵנִי פֶרֶץ עַל־פְּנֵי־פָרֶץ יד
יָרֻץ עָלַי כְּגִבּוֹר׃ שַׂק תָּפַרְתִּי עֲלֵי גִלְדִּי וְעֹלַלְתִּי בֶעָפָר טו
קַרְנִי׃ פָּנַי חֳמַרְמְרָה מִנִּי־בֶכִי וְעַל עַפְעַפַּי צַלְמָוֶת׃ עַל טז יז
לֹא־חָמָס בְּכַפָּי וּתְפִלָּתִי זַכָּה׃ אֶרֶץ אַל־תְּכַסִּי דָמִי וְאַל־ יח
יְהִי מָקוֹם לְזַעֲקָתִי׃ גַּם־עַתָּה הִנֵּה־בַשָּׁמַיִם עֵדִי וְשָׂהֲדִי יט
בַּמְּרוֹמִים׃ מְלִיצַי רֵעָי אֶל־אֱלוֹהַּ דָּלְפָה עֵינִי׃ וְיוֹכַח כ כא
לְגֶבֶר עִם־אֱלוֹהַּ וּבֶן־אָדָם לְרֵעֵהוּ׃ כִּי־שְׁנוֹת מִסְפָּר יֶאֱתָיוּ כב
וְאֹרַח לֹא־אָשׁוּב אֶהֱלֹךְ׃

יז

רוּחִי חֻבָּלָה יָמַי נִזְעָכוּ קְבָרִים לִי׃ אִם־לֹא הֲתֻלִים עִמָּדִי א ב
וּבְהַמְּרוֹתָם תָּלַן עֵינִי׃ שִׂימָה־נָּא עָרְבֵנִי עִמָּךְ מִי־הוּא ג
לְיָדִי יִתָּקֵעַ׃ כִּי־לִבָּם צָפַנְתָּ מִשָּׂכֶל עַל־כֵּן לֹא תְרֹמֵם׃ ד
לְחֵלֶק יַגִּיד רֵעִים וְעֵינֵי בָנָיו תִּכְלֶנָה׃ וְהִצִּגַנִי לִמְשֹׁל ה ו
עַמִּים וְתֹפֶת לְפָנִים אֶהְיֶה׃ וַתֵּכַהּ מִכַּעַשׂ עֵינִי וִיצֻרַי כַּצֵּל ז
כֻּלָּם׃ יָשֹׁמּוּ יְשָׁרִים עַל־זֹאת וְנָקִי עַל־חָנֵף יִתְעֹרָר׃ ח
וְיֹאחֵז צַדִּיק דַּרְכּוֹ וּטְהָר־יָדַיִם יֹסִיף אֹמֶץ׃ וְאֻלָּם כֻּלָּם ט י
תָּשֻׁבוּ וּבֹאוּ נָא וְלֹא־אֶמְצָא בָכֶם חָכָם׃ יָמַי עָבְרוּ זִמֹּתַי יא
נִתְּקוּ מוֹרָשֵׁי לְבָבִי׃ לַיְלָה לְיוֹם יָשִׂימוּ אוֹר קָרוֹב מִפְּנֵי־ יב
חֹשֶׁךְ׃ אִם־אֲקַוֶּה שְׁאוֹל בֵּיתִי בַּחֹשֶׁךְ רִפַּדְתִּי יְצוּעָי׃ יג
לַשַּׁחַת קָרָאתִי אָבִי אָתָּה אִמִּי וַאֲחֹתִי לָרִמָּה׃ וְאַיֵּה אֵפוֹ יד טו
תִקְוָתִי וְתִקְוָתִי מִי יְשׁוּרֶנָּה׃ בַּדֵּי שְׁאֹל תֵּרַדְנָה אִם־יַחַד טז
עַל־עָפָר נָחַת׃

יח

וַיַּעַן בִּלְדַּד הַשֻּׁחִי וַיֹּאמַר׃ עַד־אָנָה ׀ תְּשִׂימוּן קִנְצֵי לְמִלִּין א ב
תָּבִינוּ וְאַחַר נְדַבֵּר׃ מַדּוּעַ נֶחְשַׁבְנוּ כַבְּהֵמָה נִטְמִינוּ ג

טז, יד׳ ד׳ דגושה טז׳ חמרמרה ק כא׳ ס״א וְיוכח יז, א׳ קמץ בדחי
ב׳ בס״א לֹא התלים המ׳ דגושה ז׳ ס״א וִיצוּרי כצל
ט׳ בס״א הט׳ בש״א יא׳ שוא באתנח טז׳ פתח באתנח

¹² רואיק בין איך געווען, און ער האָט מיך צעבּרעקלט,
און מיך אָנגענומען בּיים גניק, און מיך צעפּיצלט;
און ער האָט מיך אויפגעשטעלט פאַר זיין צילבּרעט.
¹³ מיך רינגלען אַרום זיינע שיסער,
ער שפּאַלט מיינע נירן, און דערבּאַרימט ניט,
ער גיסט אויס צו דער ערד מיין גאַל.
¹⁴ ער צעבּרעכט מיך אַ בּראָך אויף אַ בּראָך,
ער לויפט קעגן מיר ווי אַ קריגסמאַן.
¹⁵ זאַק האָב איך אויפגעניייט אויף מיין הויט,
און געוועלגערט אין אַש מיין האָרן.
¹⁶ מיין פּנים איז רויט פון געוויין,
און אויף מיינע בּרעמען איז שאָטן פון טויט,
¹⁷ פאַר קיין אומרעכט, ניט אין מיינע הענט,
בּעת מיין תּפילה איז ריין.
¹⁸ ערד, זאָלסט ניט צודעקן מיין בּלוט,
און זאָל ניט קיין אָרט זיין פאַר מיין געשריי!
¹⁹ אַפילו איצט אָט איז אין הימל מיין עדות,
און מיין עדות־זאָגער איז אין דער הייך.
²⁰ מיינע פירשפּרעכער זיינען מיינע גדאַנקען;
צו גאָט טוט טריפן מיין אויג,
²¹ אַז ער זאָל משפּטן צווישן אַ מאַן מיט גאָט,
ווי צווישן אַ מענטשנקינד און זיין חבר.
²² וואָרום די געציילטע יאָרן גייען,
און איך וועל אַוועק אויף אַ וועג פון וואַנען איך וועל
זיך ניט אומקערן.

**יז** ¹ מיין געמיט איז צעוויטאָקט,
מיינע טעג זיינען פאַרלאָשן,
דער קבר איז פאַר מיר.
² פאַרוואָר, שפּעטער זיינען מיט מיר,
און אויף זייער ערגערן מוז רוען מיין אויג.
³ קער זיך צו, איך בּעט דיך,
זיי עָרֵב פאַר מיר בּיי דיר אַליין;
ווער דען זאָל מיר אַ האַנטשלאָג געבּן?
⁴ וואָרום זייער האַרץ האָסטו פאַרבּאָרגן פון שׂכל,
צום ריכטיקן טוסטו זיי ניט דערהייבּן.
⁵ דער וואָס מַסרט פון חניפה וועגן חברים,
אַוש אויסגיין זאָלן די אויגן פון זיינע קינדער!
⁶ יאָ, ער האָט מיך געשטעלט פאַר אַ ווערטל בּיי
לייט,
און צו שפּייען אין פּנים בּין איך געוואָרן.
⁷ און טונקל פון ערגערניש איז מיין אויג,
און מיינע גלידער זיינען ווי אַ שאָטן אַלע.
⁸ די רעכטפאַרטיקע ווערן צעגרוילט דעריבּער,
און דער אומשולדיקער ווערט אויפן זינדיקן
אויפגעבּראַכט.
⁹ און דער גערעכטער זאָל אָנהאַלטן זיין וועג,
און דער וואָס האָט ריינע הענט זאָל מערן
שטאַרקייט!
¹⁰ איר אַלע אָבּער קומט אַקאָרשט ווידער אַהער,
און איך וועל ניט געפינען אַ קלוגן צווישן אַייך.
¹¹ מיינע טעג זיינען פאַרגאַנגען,
מיינע גדאַנקען זיינען צעריסן —
די טראַכטעניש פון מיין האַרצן.
¹² נאַכט פאַר טאָג מאַכן זיי:
„נאָנט איז דאָס ליכט ווייל עס איז פינצטער".
¹³ אַז איך ריכט זיך אויף דער אונטערערד ווי מיין היים,
אין פינצטערניש בּעט איך אויס מיין געלעגער,
¹⁴ צום קבר רוף איך: „בּיסט מיין פאָטער!"
„מיין מוטער און מיין שוועסטער" צום וואָרעם,
¹⁵ היינט ווו דען איז מיין האָפענונג?
יאָ, מיין האָפענונג ווער וועט זי אָנזען?
¹⁶ צו די ריגלען פון אונטערערד וועט זי נידערן,
ווען אין איינעם אין שטויבּ וועלן מיר רוען.

**יח** ¹ האָט געענטפערט בִּלדַד דער שוּחי, און האָט
געזאָגט:
² בּיז וואַנען וועט איר מאַכן געיעגן אויף ווערטער?
בּאַטראַכט, און דערנאָך וועלן מיר רעדן.
³ פאַרוואָס ווערן מיר גערעכנט ווי בּהמות,
געהאַלטן פאַר פאַרשטאָפּט אין אַייערע אויגן?

4 דו וואָס פאַרצוקסט זיך אַליין אין דיין צאָרן,
וואָל פון דיינעטוועגן פאַרלאָזט ווערן די ערד,
און אַ פעלז אַוועקגערוקט ווערן פון זיין אָרט?

5 יאָ, דאָס ליכט פון די רשעים וועט פאַרלאָשן ווערן,
און ניט שיינען וועט דער פונק פון זיין פייער.
6 די ליכטיקייט וועט פינצטער ווערן אין זיין געצעלט,
און זיין ליכט וועט פאַרלאָשן ווערן איבער אים.
7 די שפּרייזן פון זיין מאַכט וועלן געענגט ווערן,
און אים וועט אַנידערוואַרפן זיין אייגענע עצה.
8 וואָרום ער ווערט געטריבן פון זיינע פיס אין דער נעץ,
און אויף אַ פּאַסטקע גייט ער אום.
9 כאַפּן פאַרן טריט וועט אַ פאַנגנעץ,
פעסט וועט אים האַלטן דער קנופּ.
10 באַהאַלטן אין דער ערד איז אַ שטריק פאַר אים,
און אַ כאַפּשטייג פאַר אים איז אויפן שטעג.
11 רונד אַרום גרוילן אים שרעקענישן,
און זיי יאָגן אים אויף זיינע טריט.
12 הונגעריק וועט זיין זיין אומגליק,
און דער בראָך איז אָנגעברייט ביי זיין זייט.
13 אויפעסן וועט די גלידער פון זיין לייב,
אויפעסן וועט זיינע גלידער דער בכור פון טויט.
14 אויסגעריסן וועט ווערן פון זיין געצעלט זיין פאַר־זיכערונג,
און עס וועט אים מאַכן שפּרייזן צו דעם מלך פון שרעקעניש.
15 רוען וועט אין זיין געצעלט ניט זיין האָב;
אויף זיין וווינונג וועט אויסגעשפּרייט ווערן שוועבל.
16 פון אונטן וועלן טריקענען זיינע וואָרצלען,
און פון אויבן וועט פאַרוועלקט ווערן זיין צווייג.
17 זיין זכר גייט אונטער פון דער ערד,
און ער האָט ניט קיין נאָמען דערויסן.
18 מע וועט אים שטויסן פון ליכט אין פינצטערניש,
און פון דער וועלט וועט מען אים פאַרוואָגלען.
19 ער האָט ניט קיין קינד און קיין אייניקל צווישן זיין פאָלק,
און קיין איבערבלייב אין זיינע וווינונגען.
20 איבער זיין [שטראָף]טאָג ווערן צעגרוילט די שפּעטער־דיקע,
און די פריערדיקע נעמט אָן אַ שוידער.
21 יאָ, דאָס זיינען די וווינונגען פון דעם פאַרברעכער,
און דאָס איז דער אָרט פון דעם וואָס ווייס ניט פון גאָט.

# יט

1 האָט געענטפערט איוב, און האָט געזאָגט:
2 ביז וואַנען וועט איר באַטריבן מיין זעל,
און מיך צעדריקן מיט ווערטער?
3 שוין צען מאָל אַז איר באַליידיקט מיך,
איר שעמט אייך ניט מיך צו פייניקן.
4 און אַז איך האָב שוין יאָ פאַרזען,
וועט ביי מיר דאָך בלייבן מיין פאַרזע.
5 אויב איר ווילט אין דער אמת זיך גרייסן קעגן מיר,
און מיר פאָרוואַרפן מיין שאַנד,
6 טאָ ווייסט אַז גאָט האָט מיך געקריוודעט,
און זיין נעץ אַרומגעלייגט אַרום מיר.
7 אָט שריי איך געוואַלט, און ווער ניט געענטפערט,
איך רוף, און ניטאָ קיין גערעכטיקייט.
8 מיין וועג האָט ער פאַרצאַמט, אַז איך קען ניט דורכגיין,
און אויף מיינע שטעגן האָט ער אַ פינצטערניש אַרויפגעטאָן.
9 מיין כבוד האָט ער אויסגעטאָן פון מיר,

ד בְּעֵינֵיכֶם׃ טֹרֵף נַפְשׁוֹ בְּאַפּוֹ הַלְמַעַנְךָ תֵּעָזַב אָרֶץ וְיֶעְתַּק
ה צוּר מִמְּקֹמוֹ׃ גַּם אוֹר רְשָׁעִים יִדְעָךְ וְלֹא־יִגַּהּ שְׁבִיב אִשּׁוֹ׃
ו ז אוֹר חָשַׁךְ בְּאָהֳלוֹ וְנֵרוֹ עָלָיו יִדְעָךְ׃ יֵצְרוּ צַעֲדֵי אוֹנוֹ
ח וְתַשְׁלִיכֵהוּ עֲצָתוֹ׃ כִּי־שֻׁלַּח בְּרֶשֶׁת בְּרַגְלָיו וְעַל־שְׂבָכָה
ט י יִתְהַלָּךְ׃ יֹאחֵז בְּעָקֵב פָּח יַחֲזֵק עָלָיו צַמִּים׃ טָמוּן בָּאָרֶץ
יא חַבְלוֹ וּמַלְכֻּדְתּוֹ עֲלֵי נָתִיב׃ סָבִיב בִּעֲתֻהוּ בַלָּהוֹת וֶהֱפִיצֻהוּ
יב יג לְרַגְלָיו׃ יְהִי־רָעֵב אֹנוֹ וְאֵיד נָכוֹן לְצַלְעוֹ׃ יֹאכַל בַּדֵּי עוֹרוֹ
יד יֹאכַל בַּדָּיו בְּכוֹר מָוֶת׃ יִנָּתֵק מֵאָהֳלוֹ מִבְטַחוֹ וְתַצְעִדֵהוּ
טו לְמֶלֶךְ בַּלָּהוֹת׃ תִּשְׁכּוֹן בְּאָהֳלוֹ מִבְּלִי־לוֹ יְזֹרֶה עַל־נָוֵהוּ
טז יז גָפְרִית׃ מִתַּחַת שָׁרָשָׁיו יִבָשׁוּ וּמִמַּעַל יִמַּל קְצִירוֹ׃ זִכְרוֹ־
יח אָבַד מִנִּי־אָרֶץ וְלֹא־שֵׁם לוֹ עַל־פְּנֵי־חוּץ׃ יֶהְדְּפֻהוּ מֵאוֹר
יט אֶל־חֹשֶׁךְ וּמִתֵּבֵל יְנִדֻּהוּ׃ לֹא נִין לוֹ וְלֹא־נֶכֶד בְּעַמּוֹ וְאֵין
כ שָׂרִיד בִּמְגוּרָיו׃ עַל־יוֹמוֹ נָשַׁמּוּ אַחֲרֹנִים וְקַדְמֹנִים אָחֲזוּ
כא שָׂעַר׃ אַךְ־אֵלֶּה מִשְׁכְּנוֹת עַוָּל וְזֶה מְקוֹם לֹא־יָדַע־אֵל׃

יט

א ב וַיַּעַן אִיּוֹב וַיֹּאמַר׃ עַד־אָנָה תּוֹגְיוּן נַפְשִׁי וּתְדַכְּאוּנַנִי בְמִלִּים׃
ג ד זֶה עֶשֶׂר פְּעָמִים תַּכְלִימוּנִי לֹא־תֵבֹשׁוּ תַּהְכְּרוּ־לִי׃ וְאַף־
ה אָמְנָם שָׁגִיתִי אִתִּי תָּלִין מְשׁוּגָתִי׃ אִם־אָמְנָם עָלַי תַּגְדִּילוּ
ו וְתוֹכִיחוּ עָלַי חֶרְפָּתִי׃ דְּעוּ־אֵפוֹ כִּי־אֱלוֹהַּ עִוְּתָנִי וּמְצוּדוֹ
ז עָלַי הִקִּיף׃ הֵן אֶצְעַק חָמָס וְלֹא אֵעָנֶה אֲשַׁוַּע וְאֵין מִשְׁפָּט׃
ח ט אָרְחִי גָדַר וְלֹא אֶעֱבוֹר וְעַל־נְתִיבוֹתַי חֹשֶׁךְ יָשִׂים׃ כְּבוֹדִי
י מֵעָלַי הִפְשִׁיט וַיָּסַר עֲטֶרֶת רֹאשִׁי׃ יִתְּצֵנִי סָבִיב וָאֵלַךְ
יא וַיַּסַּע כָּעֵץ תִּקְוָתִי׃ וַיַּחַר עָלַי אַפּוֹ וַיַּחְשְׁבֵנִי לוֹ כְצָרָיו׃
יב יַחַד ׀ יָבֹאוּ גְדוּדָיו וַיָּסֹלּוּ עָלַי דַּרְכָּם וַיַּחֲנוּ סָבִיב לְאָהֳלִי׃
יג יד אַחַי מֵעָלַי הִרְחִיק וְיֹדְעַי אַךְ־זָרוּ מִמֶּנִּי׃ חָדְלוּ קְרוֹבָי
טו וּמְיֻדָּעַי שְׁכֵחוּנִי׃ גָּרֵי בֵיתִי וְאַמְהֹתַי לְזָר תַּחְשְׁבֻנִי נָכְרִי
טז הָיִיתִי בְעֵינֵיהֶם׃ לְעַבְדִּי קָרָאתִי וְלֹא יַעֲנֶה בְּמוֹ־פִי
יז יח אֶתְחַנֶּן־לוֹ׃ רוּחִי זָרָה לְאִשְׁתִּי וְחַנֹּתִי לִבְנֵי בִטְנִי׃ גַּם־

יט, ב׳ א׳ נחה ונ׳ דגושה   י׳ פתח באתנח   יב׳ נ״א ויחנו סביב

און אַראָפּגענומען די קרוין פון מיין קאָפּ.
10 ער צעשטויסט מיך רונד אַרום, אַז איך פאַרגיי,
און ער האָט אויסגעריסן ווי אַ בוים מיין האָפענונג.
11 און ער האָט אָנגעצונדן זיין צאָרן אויף מיר,
און ער רעכנט מיך פאַר זיינעם אַ שׂונא.
12 אין איינעם קומען [אויף מיר] זיינע מחנות,
און זיי טרעטן אויס זייער וועג קעגן מיר,
און זיי לאַגערן אַרום מיין געצעלט.
13 מיינע ברידער האָט ער דערווייטערט פון מיר,
און מיינע באַקענטע זיינען אין גאַנצן פאַרפרעמדט פון מיר.
14 מיינע קרובים האַלטן זיך צוריק,
און מיינע גוטע פריינט האָבן מיך פאַרגעסן.
15 מיינע הויזוווינער און מיינע דינסטן רעכענען מיך פאַר אַ פרעמדן,
אַן אומבאַקענטער בין איך געוואָרן אין זייערע אויגן.
16 איך רוף מיין קנעכט, און ער ענטפערט ניט,
איך בעט זיך ביי אים מיטן מויל.
17 מיין אָטעם איז צווידער מיין ווייב,
און איך פאַרעקל די קינדער פון מיין לייב.

עֲוִילִים מָאֲסוּ בִי אָקוּמָה וַיְדַבְּרוּ־בִי: תִּעֲבוּנִי כָּל־מְתֵי יט
סוֹדִי וְזֶה־אָהַבְתִּי נֶהְפְּכוּ־בִי: בְּעוֹרִי וּבִבְשָׂרִי דָּבְקָה כ
עַצְמִי וָאֶתְמַלְּטָה בְּעוֹר שִׁנָּי: חָנֻּנִי חָנֻּנִי אַתֶּם רֵעָי כִּי יַד־ כא
אֱלוֹהַּ נָגְעָה בִּי: לָמָּה תִּרְדְּפֻנִי כְמוֹ־אֵל וּמִבְּשָׂרִי לֹא כב
תִשְׂבָּעוּ: מִי־יִתֵּן אֵפוֹ וְיִכָּתְבוּן מִלָּי מִי־יִתֵּן בַּסֵּפֶר וְיֻחָקוּ: כג
בְּעֵט־בַּרְזֶל וְעֹפָרֶת לָעַד בַּצּוּר יֵחָצְבוּן: וַאֲנִי יָדַעְתִּי גֹּאֲלִי כד כה
חָי וְאַחֲרוֹן עַל־עָפָר יָקוּם: וְאַחַר עוֹרִי נִקְּפוּ־זֹאת וּמִבְּשָׂרִי כו
אֶחֱזֶה אֱלוֹהַּ: אֲשֶׁר אֲנִי ׀ אֶחֱזֶה־לִּי וְעֵינַי רָאוּ וְלֹא־זָר כָּלוּ כז
כִלְיֹתַי בְּחֵקִי: כִּי תֹאמְרוּ מַה־נִּרְדָּף־לוֹ וְשֹׁרֶשׁ דָּבָר כח
נִמְצָא־בִי: גּוּרוּ לָכֶם ׀ מִפְּנֵי־חֶרֶב כִּי־חֵמָה עֲוֺנוֹת חָרֶב כט
לְמַעַן תֵּדְעוּן שַׁדִּין:

## כ

וַיַּעַן צֹפַר הַנַּעֲמָתִי וַיֹּאמַר: לָכֵן שְׂעִפַּי יְשִׁיבוּנִי וּבַעֲבוּר א ב
חוּשִׁי בִי: מוּסַר כְּלִמָּתִי אֶשְׁמָע וְרוּחַ מִבִּינָתִי יַעֲנֵנִי: ג
הֲזֹאת יָדַעְתָּ מִנִּי־עַד מִנִּי שִׂים אָדָם עֲלֵי־אָרֶץ: כִּי רִנְנַת ד ה
רְשָׁעִים מִקָּרוֹב וְשִׂמְחַת חָנֵף עֲדֵי־רָגַע: אִם־יַעֲלֶה לַשָּׁמַיִם ו
שִׂיאוֹ וְרֹאשׁוֹ לָעָב יַגִּיעַ: כְּגֶלֲלוֹ לָנֶצַח יֹאבֵד רֹאָיו יֹאמְרוּ ז
אַיּוֹ: כַּחֲלוֹם יָעוּף וְלֹא יִמְצָאֻהוּ וְיֻדַּד כְּחֶזְיוֹן לָיְלָה: עַיִן ח ט
שְׁזָפַתּוּ וְלֹא תוֹסִיף וְלֹא־עוֹד תְּשׁוּרֶנּוּ מְקוֹמוֹ: בָּנָיו יְרַצּוּ י
דַלִּים וְיָדָיו תָּשֵׁבְנָה אוֹנוֹ: עַצְמוֹתָיו מָלְאוּ עֲלוּמָו וְעִמּוֹ יא
עַל־עָפָר תִּשְׁכָּב: אִם־תַּמְתִּיק בְּפִיו רָעָה יַכְחִידֶנָּה תַּחַת יב
לְשׁוֹנוֹ: יַחְמֹל עָלֶיהָ וְלֹא יַעַזְבֶנָּה וְיִמְנָעֶנָּה בְּתוֹךְ חִכּוֹ: יג
לַחְמוֹ בְּמֵעָיו נֶהְפָּךְ מְרוֹרַת פְּתָנִים בְּקִרְבּוֹ: חַיִל בָּלַע יד טו
וַיְקִאֶנּוּ מִבִּטְנוֹ יֹרִשֶׁנּוּ אֵל: רֹאשׁ־פְּתָנִים יִינָק תַּהַרְגֵהוּ טז
לְשׁוֹן אֶפְעֶה: אַל־יֵרֶא בִפְלַגּוֹת נַהֲרֵי נַחֲלֵי דְבַשׁ וְחֶמְאָה: יז
מֵשִׁיב יָגָע וְלֹא יִבְלָע כְּחֵיל תְּמוּרָתוֹ וְלֹא יַעֲלֹס: כִּי־רִצַּץ יח יט
עָזַב דַּלִּים בַּיִת גָּזַל וְלֹא יִבְנֵהוּ: כִּי ׀ לֹא־יָדַע שָׁלֵו בְּבִטְנוֹ כ

יט, כד׳ שוא נסף   כט׳ שדון קרי   כ, יא׳ עלומיו קרי

18 אַפילו ייִנגלעך פֿאַראַכטן מיך,
איך שטעל זיך, און זיי רעדן מיר אַקעגן.
19 מיך פֿאַראומווערדיקן אַלע מיינע פֿאַרטרויטע,
און די וואָס איך האָב ליב, קערן זיך קעגן מיר.
20 צו מיין הויט און צו מיין פֿלייש איז צוגעקלעפּט מיין געביין,
און איך בין אַרויס מיט די יאַסלעס פֿון מיינע ציין.

21 דערבאַרימט אַייך אויף מיר,
דערבאַרימט אַייך אויף מיר, איר חברים מיינע,
וואָרום די האַנט פֿון גאָט האָט מיך געטראָפֿן.
22 פֿאַרוואָס רודפֿט איר מיך אַזוי ווי גאָט,
און קענט זיך ניט אָנזעטן מיט מיין פֿלייש?
23 הלוואַי ווערן נאָר אויפֿגעשריבן מיינע ווערטער!
הלוואַי ווערן זיי אין אַ בוך פֿאַרצייכנט!
24 מיט אַן אַייזערנער פֿען און בליי
אויף אייביק אין פֿעלז אַיינגעהאַקט!
25 וואָרום איך ווייס, מיין אויסלייזער לעבט,
און שפּעטער וועט ער אויפֿשטיין אויף דער ערד.
26 אָבער אונטער מיין הויט איז דאָס אַיינגעקלאַפּט,
און אין מיין פֿלייש איז עס: איך וויל זען גאָט!
27 אַז איך אַליין זאָל זען פֿאַר מיר,
און מיינע אויגן זאָלן אָנקוקן, און ניט קיין אַנדערער —
גייען אויס[א] מיינע נירן אין מיין לייב.
28 ווען איר זאָגט: „ווי וועלן מיר אים רודפֿן!"
אַזוי ווי דער וואָרצל פֿון דער זאַך וואָלט זיך געפֿונען אין מיר,
29 האָט מורא פֿאַר דער שווערד,
וואָרום מיט גרימצאָרן זיינען די שטראָפֿן פֿון דער שווערד;
דרום זאָלט איר וויסן אַז אַ משפּט איז פֿאַראַן.

## כ

1 האָט געענטפֿערט צופֿר דער נַעֲמָתִי, און האָט געזאָגט:
2 דרום ענטפֿערן מיר מיינע געדאַנקען —
פֿון וועגן וואָס איך שפּיר אין מיר:
3 דעם פֿאָרוואורף פֿון מיין שאַנד האָב איך געהערט,
און אַ גייסט פֿון מיין פֿאַרשטאַנד ענטפֿערט מיר.

4 ווייסטו דאָס וואָס איז פֿון אייביק אָן,
פֿון זינט דער מענטש איז געמאַכט אויף דער ערד?

5 אַז דאָס געזאַנג פֿון רשעים איז אויף קורצן,
און די שׂמחה פֿון זינדיקן אויף אַ רגע?
6 ווען ביזן הימל זאָל אַרויפֿגיין זיין הייך,
און זיין קאָפּ זאָל ביזן וואָלקן דערגרייכן,
7 וועט ער ווי זיין אייגן קויט אויף אייביק אונטערגיין;
זיינע זעער וועלן זאָגן: ווו איז ער?
8 ווי אַ חלום וועט ער אַוועקפֿליִען, און מע וועט אים ניט געפֿינען,
און ער וועט פֿאַריאָגט ווערן ווי אַ זעאונג פֿון דער נאַכט.
9 דאָס אויג האָט אים אָנגעקוקט, און ניט מער,
און מער וועט אים ניט אָנזען זיין אָרט.
10 זיינע קינדער וועלן פֿאַרגיטיקן די אָרימע,
יאָ, זיינע אייגענע הענט וועלן צוריקגעבן זיין גוטס.
11 זיינע ביינער זיינען פֿול מיט זיין יוגנט,
אָבער מיט אים אין שטויב וועט זי זיך לייגן.
12 הגם זיס איז דאָס בייז אין זיין מויל,
ער באַהאַלט עס אונטער זיין צונג,

[א] וואָרטשפּיל: כָּלוּ כִלְיֹתַי.

13 ער שוינט עס, און לאָזט עס ניט אָפּ,
און האַלט עס צו אויף זיין גומען,
14 ווערט זיין שפּייז פֿאַרקערט אין זיינע אינגעווייד,
גאַל פֿון שלאַנגען איז אינעווייניק ביי אים.
15 פֿאַרמעג האָט ער איינגעשלונגען, און וועט עס אויסברעכן,
פֿון זיין בויך וועט עס גאָט אַרויסטרייבן.
16 גיפֿט פֿון שלאַנגען פֿלעגט ער זויגן,
וועט די צונג פֿון אַ נאָטער אים הרגען.
17 ער וועט ניט אָנזען די בעכן,
די טייכנשטראָמען פֿון האָניק און שמאַנט.
18 ער גיט צוריק זיין מי, און וועט עס ניט אַראָפּשלינגען,
ווי שטאַרק זיין פֿאַרמעג, וועט ער זיך דערמיט ניט אָנפֿרייען.
19 ווייל ער האָט צעדריקט, הפקר געלאָזט די אָרימע,
געגזלט אַ הויז וואָס ער האָט ניט געבויט.
20 ווייל ער האָט ניט געוווּסט קיין רו אין זיין לייב,

כא בַּחֲמוּדוֹ לֹא יְמַלֵּט׃ אֵין־שָׂרִיד לְאָכְלוֹ עַל־כֵּן לֹא־יָחִיל
כב טוּבוֹ׃ בִּמְלֹאות שִׂפְקוֹ יֵצֶר לוֹ כָּל־יַד עָמֵל תְּבֹאֶנּוּ׃
כג יְהִי ׀ לְמַלֵּא בִטְנוֹ יְשַׁלַּח־בּוֹ חֲרוֹן אַפּוֹ וְיַמְטֵר עָלֵימוֹ
כד בִּלְחוּמוֹ׃ יִבְרַח מִנֵּשֶׁק בַּרְזֶל תַּחְלְפֵהוּ קֶשֶׁת נְחוּשָׁה׃
כה כו שָׁלַף וַיֵּצֵא מִגֵּוָה וּבָרָק מִמְּרֹרָתוֹ יַהֲלֹךְ עָלָיו אֵמִים׃ כָּל־
חֹשֶׁךְ טָמוּן לִצְפּוּנָיו תְּאָכְלֵהוּ אֵשׁ לֹא־נֻפָּח יֵרַע שָׂרִיד
כז כח בְּאָהֳלוֹ׃ יְגַלּוּ שָׁמַיִם עֲוֺנוֹ וְאֶרֶץ מִתְקוֹמָמָה לוֹ׃ יִגֶל יְבוּל
כט בֵּיתוֹ נִגָּרוֹת בְּיוֹם אַפּוֹ׃ זֶה ׀ חֵלֶק־אָדָם רָשָׁע מֵאֱלֹהִים
וְנַחֲלַת אִמְרוֹ מֵאֵל׃

## כא

א ב וַיַּעַן אִיּוֹב וַיֹּאמַר׃ שִׁמְעוּ שָׁמוֹעַ מִלָּתִי וּתְהִי־זֹאת
ג תַּנְחוּמֹתֵיכֶם׃ שָׂאוּנִי וְאָנֹכִי אֲדַבֵּר וְאַחַר דַּבְּרִי תַלְעִיג׃
ד ה הֶאָנֹכִי לְאָדָם שִׂיחִי וְאִם־מַדּוּעַ לֹא־תִקְצַר רוּחִי׃ פְּנוּ־אֵלַי
ו וְהָשַׁמּוּ וְשִׂימוּ יָד עַל־פֶּה׃ וְאִם־זָכַרְתִּי וְנִבְהָלְתִּי וְאָחַז
ז בְּשָׂרִי פַּלָּצוּת׃ מַדּוּעַ רְשָׁעִים יִחְיוּ עָתְקוּ גַּם־גָּבְרוּ חָיִל׃
ח ט זַרְעָם נָכוֹן לִפְנֵיהֶם עִמָּם וְצֶאֱצָאֵיהֶם לְעֵינֵיהֶם׃ בָּתֵּיהֶם
י שָׁלוֹם מִפָּחַד וְלֹא שֵׁבֶט אֱלוֹהַּ עֲלֵיהֶם׃ שׁוֹרוֹ עִבַּר וְלֹא
יא יַגְעִל תְּפַלֵּט פָּרָתוֹ וְלֹא תְשַׁכֵּל׃ יְשַׁלְּחוּ כַצֹּאן עֲוִילֵיהֶם
יב וְיַלְדֵיהֶם יְרַקֵּדוּן׃ יִשְׂאוּ כְּתֹף וְכִנּוֹר וְיִשְׂמְחוּ לְקוֹל עוּגָב׃
יג יד יְבַלּוּ בַטּוֹב יְמֵיהֶם וּבְרֶגַע שְׁאוֹל יֵחָתּוּ׃ וַיֹּאמְרוּ לָאֵל סוּר
טו מִמֶּנּוּ וְדַעַת דְּרָכֶיךָ לֹא חָפָצְנוּ׃ מַה־שַּׁדַּי כִּי־נַעַבְדֶנּוּ
טז וּמַה־נּוֹעִיל כִּי נִפְגַּע־בּוֹ׃ הֵן לֹא בְיָדָם טוּבָם עֲצַת רְשָׁעִים
יז רָחֲקָה מֶנִּי׃ כַּמָּה ׀ נֵר־רְשָׁעִים יִדְעָךְ וְיָבֹא עָלֵימוֹ אֵידָם
יח חֲבָלִים יְחַלֵּק בְּאַפּוֹ׃ יִהְיוּ כְּתֶבֶן לִפְנֵי־רוּחַ וּכְמֹץ גְּנָבַתּוּ
יט כ סוּפָה׃ אֱלוֹהַּ יִצְפֹּן־לְבָנָיו אוֹנוֹ יְשַׁלֵּם אֵלָיו וְיֵדָע׃ יִרְאוּ
כא עֵינוֹ כִּידוֹ וּמֵחֲמַת שַׁדַּי יִשְׁתֶּה׃ כִּי מַה־חֶפְצוֹ בְּבֵיתוֹ
כב אַחֲרָיו וּמִסְפַּר חֳדָשָׁיו חֻצָּצוּ׃ הַלְאֵל יְלַמֶּד־דָּעַת וְהוּא

כ, כב׳ יתיר ף כה׳ ס״א ממרתו יהלך עליו כו׳ מלעיל
כט׳ ס״א׳ ונחלת אמרו כא׳ ה׳ פתח באתנח ט׳ בס״א בתיהם
יב׳ כצ״ל על פי המסורה ובספרים בתף יג׳ יכלו קרי פתח בס״פ יז׳ קמץ מכריע
כ׳ עינו קרי

וועט ער מיט זיין שאַץ ניט אַנטרונען ווערן.
21 ניטאָ קיין איבערבלייב פון זיין פרעסעריי,
דרום וועט זיין גוטס ניט געווערן.
22 ווען זיין קראָפּ איז פול, וועט אים ענג ווערן,
ווו אַ האַנט פון אַן אומגליקלעכן, וועט קומען אויף אים.
23 ער וועט האַלטן ביי אָנפילן זיין בויך,
וועט [גאָט] אָנשיקן אויף אים זיין גרימצאָרן,
און מאַכן רעגענען אויף אים מיט זיין שפּייז.
24 ער וועט אַנטלויפן פון אַן אַייזערנעם וואָפן,
וועט אים דורכלעכערן אַ קופּערנער בויגן.
25 ער טוט אַ צי, און עס קומט אַרויס פון לייב,
יאָ, די בליציקע פייל גייט אַרויס פון זיין גאַל:
אימות זיינען אויף אים.
26 גאָרע פינצטערניש איז באַהאַלטן פאַר זיינע אוצרות,
אים וועט פאַרצערן אַ פייער פון קיינעם ניט אויפ־
געבלאָזן;
עס וועט אָפּעסן דעם איבערבלייב אין זיין געצעלט.
27 די הימלען אַנטפּלעקן זיין זינד,
און די ערד שטעלט זיך אויף קעגן אים.
28 אַוועק וועט דער אַיינקום פון זיין הויז,
עס ווערט צערונען אין טאָג פון זיין צאָרן.
29 דאָס איז דער חלק פון דעם שלעכטן מענטשן פון גאָט,
און זיין באַשערטע ירושה פון גאָט.

## כא

1 האָט געענטפערט איוב, און האָט געזאָגט:
2 הערן הערט־צו מיין וואָרט,
און זאָל דאָס זיין אַייערע טרייסטונגען.
3 לאָזט מיך אַז איך זאָל רעדן;
און נאָך מיין רעדן וועסטו אָפּלאַכן.
4 איז קעגן אַ מענטשן מיין קלאָג?
און פאַרוואָס זאָל ניט קורץ ווערן מיין געמיט?
5 קערט זיך צו מיר, און ווערט באַנומען,
און טוט אַרויף די האַנט אויפן מויל.
6 אַז ווי איך דערמאָן זיך אַזוי ווער איך דערשראָקן,
און מיין לייב נעמט אָן אַ שוידער.

7 פאַרוואָס לעבן די רשעים,
עלטערן זיך, און זיינען שטאַרק אין קראַפט?
8 זייער זאָמען שטייט פעסט פאַר זייער פנים ביי זיי,
און זייערע שפּראָצן פאַר זייערע אויגן.
9 זייערע הייזער זיינען בשלום, אָן אַנגסט,
און די רוט פון גאָט איז ניט אויף זיי.
10 זיין אָקס באַפרוכפּערט און פאַרפעלט ניט,
זיין קו קעלבט זיך און פאַרוואַרפט ניט.
11 זיי שיקן אַרויס ווי שאָף זייער יונגוואַרג,
און זייערע קינדער טאַנצן אַרום.
12 זיי זינגען מיט פּויק און האַרף,
און פרייען זיך צום קָול פון דער פלייט.
13 זיי פאַרברענגען אין גוטס זייערע טעג,
און רואיק נידערן זיי אין אונטערערד.
14 און זיי זאָגן צו גאָט: קער זיך אָפּ פון אונדז,
און מיר ווילן ניט וויסן פון דיינע וועגן.
15 וואָס איז דער אַלמאַכטיקער, אַז מיר זאָלן אים דינען?
און וואָס וועלן מיר נוצן, אַז מיר וועלן בעטן צו אים?—
16 זייער גוטס איז דאָך ניט אין זייער האַנט;
דער באַראָט פון די רשעים איז ווייט פון מיר.

17 ווי אָפט איז דאָס אַז דאָס ליכט פון רשעים זאָל פאַר־
לאָשן ווערן,
און עס זאָל קומען אויף זיי אַ בראָך?
ער זאָל זיי אויסטיילן יסורים אין זיין צאָרן?
18 זיי זאָלן ווערן ווי שטרוי פאַרן ווינט,
און ווי שפּריי וואָס דער שטורעם גנבעט אים אַוועק?
19 „גאָט באַהאַלט זיין אומרעכט פאַר זיינע קינדער"—
זאָל ער אים אַליין באַצאָלן אַז ער זאָל וויסן.
20 זאָלן זיינע אויגן זען זיין אומגליק,
און פון אַלמאַכטיקנס גרימצאָרן זאָל ער טרינקען.
21 וואָרום וואָס קימערט אים זיין הויזגעזינט נאָך אים,
ווען די צאָל פון זיינע חדשים איז געענדיקט?

22 קען מען גאָט לערנען פאַרשטאַנדיקייט,
אַז ער משפּט די העכסטע?

כג רָמִים יִשְׁפּוֹט׃ זֶה יָמוּת בְּעֶצֶם תֻּמּוֹ כֻּלּוֹ שַׁלְאֲנַן וְשָׁלֵיו׃
כד כה עֲטִינָיו מָלְאוּ חָלָב וּמֹחַ עַצְמוֹתָיו יְשֻׁקֶּה׃ וְזֶה יָמוּת בְּנֶפֶשׁ
כו מָרָה וְלֹא־אָכַל בַּטּוֹבָה׃ יַחַד עַל־עָפָר יִשְׁכָּבוּ וְרִמָּה
כז תְּכַסֶּה עֲלֵיהֶם׃ הֵן יָדַעְתִּי מַחְשְׁבוֹתֵיכֶם וּמְזִמּוֹת עָלַי
כח תַּחְמֹסוּ׃ כִּי תֹאמְרוּ אַיֵּה בֵית־נָדִיב וְאַיֵּה אֹהֶל ׀ מִשְׁכְּנוֹת
כט רְשָׁעִים׃ הֲלֹא שְׁאֶלְתֶּם עוֹבְרֵי דָרֶךְ וְאֹתֹתָם לֹא תְנַכֵּרוּ׃
ל לא כִּי לְיוֹם אֵיד יֵחָשֶׂךְ רָע לְיוֹם עֲבָרוֹת יוּבָלוּ׃ מִי־יַגִּיד עַל־
לב פָּנָיו דַּרְכּוֹ וְהוּא־עָשָׂה מִי יְשַׁלֶּם־לוֹ׃ וְהוּא לִקְבָרוֹת יוּבָל
לג וְעַל־גָּדִישׁ יִשְׁקוֹד׃ מָתְקוּ־לוֹ רִגְבֵי נָחַל וְאַחֲרָיו כָּל־אָדָם
לד יִמְשׁוֹךְ וּלְפָנָיו אֵין מִסְפָּר׃ וְאֵיךְ תְּנַחֲמוּנִי הָבֶל וּתְשׁוּבֹתֵיכֶם
נִשְׁאַר־מָעַל׃

## כב

א ב וַיַּעַן אֱלִיפַז הַתֵּמָנִי וַיֹּאמַר׃ הַלְאֵל יִסְכָּן־גָּבֶר כִּי־יִסְכֹּן
ג עָלֵימוֹ מַשְׂכִּיל׃ הַחֵפֶץ לְשַׁדַּי כִּי תִצְדָּק וְאִם־בֶּצַע כִּי־
ד תַתֵּם דְּרָכֶיךָ׃ הֲמִיִּרְאָתְךָ יֹכִיחֶךָ יָבוֹא עִמְּךָ בַּמִּשְׁפָּט׃
ה ו הֲלֹא רָעָתְךָ רַבָּה וְאֵין־קֵץ לַעֲוֹנֹתֶיךָ׃ כִּי־תַחְבֹּל אַחֶיךָ
ז חִנָּם וּבִגְדֵי עֲרוּמִּים תַּפְשִׁיט׃ לֹא־מַיִם עָיֵף תַּשְׁקֶה וּמֵרָעֵב
ח תִּמְנַע־לָחֶם׃ וְאִישׁ זְרוֹעַ לוֹ הָאָרֶץ וּנְשׂוּא פָנִים יֵשֶׁב בָּהּ׃
ט י אַלְמָנוֹת שִׁלַּחְתָּ רֵיקָם וּזְרֹעוֹת יְתֹמִים יְדֻכָּא׃ עַל־כֵּן
יא סְבִיבוֹתֶיךָ פַחִים וִיבַהֶלְךָ פַּחַד פִּתְאֹם׃ אוֹ־חֹשֶׁךְ לֹא־
יב תִרְאֶה וְשִׁפְעַת־מַיִם תְּכַסֶּךָּ׃ הֲלֹא־אֱלוֹהַּ גֹּבַהּ שָׁמָיִם
יג וּרְאֵה רֹאשׁ כּוֹכָבִים כִּי־רָמּוּ׃ וְאָמַרְתָּ מַה־יָּדַע אֵל הַבְעַד
יד עֲרָפֶל יִשְׁפּוֹט׃ עָבִים סֵתֶר־לוֹ וְלֹא יִרְאֶה וְחוּג שָׁמַיִם
טו יִתְהַלָּךְ׃ הַאֹרַח עוֹלָם תִּשְׁמֹר אֲשֶׁר דָּרְכוּ מְתֵי־אָוֶן׃ *
טז יז אֲשֶׁר־קֻמְּטוּ וְלֹא־עֵת נָהָר יוּצַק יְסוֹדָם׃ הָאֹמְרִים לָאֵל
יח סוּר מִמֶּנּוּ וּמַה־יִּפְעַל שַׁדַּי לָמוֹ׃ וְהוּא מִלֵּא בָתֵּיהֶם
יט טוֹב וַעֲצַת רְשָׁעִים רָחֲקָה מֶנִּי׃ יִרְאוּ צַדִּיקִים וְיִשְׂמָחוּ

כב, ו׳ ס״א אָחִיךָ   דגש אחר שורק   יב׳ דמי דגשה   טו׳ חצי הספר בפסוקים

23 דער שטאַרבט אין זײַן רעכטער שטאַרקייט,
אין גאַנצן רואיק און בשלווה;
24 זײַנע עמערס זײַנען פֿול מיט מילך,
און דער מאַרך פֿון זײַנע ביינער איז געזעפּטיקט.
25 און דער שטאַרבט אין אַ ביטער געמיט,
און האָט ניט פֿאַרזוכט קיין גוטס.
26 אין איינעם אין שטויב ליגן זיי,
און ווערים דעקן זיי צו.

27 איך ווייס דאָך אײַערע מחשבות,
און ווי איר קליגט זיך מיט געוואַלט אָקעגן מיר,
28 אַז איר זאָגט: „ווו איז דאָס הויז פֿון דעם שׂרָרה?
און ווו דאָס געצעלט פֿון דעם רשעס וווינונג?״
29 האָט איר ניט געפֿרעגט בײַ די וועגפֿאָרער?
איר וועט דאָך ניט פֿאַרלייקענען זייערע באַווײַזן,
30 אַז אין דעם טאָג פֿון בראָך ווערט געשוינט דער שלעכטער,
אין דעם טאָג וווּ שטראָפֿן ווערן געבראַכט.
31 ווער זאָגט אים אין פּנים זײַן וועג?
און וואָס ער האָט געטאָן ווער באַצאָלט אים?
32 וואָרום ער ווערט געבראַכט צו קבורה,
און אויפֿן בערגל פּאַסט מען אויף.
33 זיס זײַנען אים די שטיקער ערד פֿון טאָל,
און נאָך אים ציען זיך אַלע מענטשן,
און אים פֿאַרויס אָן אַ צאָל.
34 און ווי ווילט איר מיך טרייסטן מיט גאָרנישט,
אַז אײַערע תשובות בלײַבן אָן אָפּנאַר?

## כב

1 האָט געענטפֿערט אֶליפַז דער תֵּימָני, און האָט געזאָגט:
2 ברענגט דען דער מענטש אַ נוץ גאָט?
נײַערט זיך אַליין ברענגט אַ נוץ דער פֿאַרשטאַנדיקער.

3 האָט דער אַלמאַכטיקער אַ טובה אַז דו ביסט אַ צדיק?
אָדער אַ געווין אַז דו ביסט ערלעך אין דײַנע וועגן?
4 צי וועגן דײַן גאָטספֿאָרכטיקייט שטראָפֿט ער דיך,
און גייט צום משפּט מיט דיר?
5 איז ניט דײַן שלעכטיקייט גרויס,
און אָן אַ שיעור דײַנע זינד?
6 וואָרום פֿלעגסט נעמען אַ משכּון בײַ דײַנע ברידער אומזיסט,
און די בגדים פֿון די נאַקעטע פֿלעגסטו אויסטאָן.
7 אַ טרונק וואַסער דעם פֿאַרשמאַכטן פֿלעגסטו ניט געבן,
און פֿון דעם הונגעריקן פֿלעגסטו פֿאַרמײַדן ברויט.
8 „יאָ, דעם מאַן מיטן אָרעם, אים געהערט די ערד,
און דער אָנגעזעענער, ער מעג וווינען אויף איר״.
9 אַלמנות האָסטו אַוועקגעשיקט מיט ליידיקן,
און די אָרעמס פֿון יתומים פֿלעגן צעדריקט ווערן.
10 דרום זײַנען נעצן רונד אַרום דיר,
און דיך שרעקט אַ פּלוצימדיקער פּחד,

11 אָדער אַ פֿינצטערניש, אַז דו קענסט ניט זען,
און אַ פֿלייצונג וואַסער פֿאַרדעקט דיך.
12 פֿאַרוואָר, גאָט איז אין דער הייך פֿון די הימלען,
און זע, די העכסטע שטערן ווי דערהויבן זיי זײַנען;
13 און דו זאָגסט: „וואָס ווייס גאָט?
צי קען ער דורכן נעבל משפּטן?
14 וואָלקנס זײַנען אים אַ פֿאַרבאָרגעניש, און ער זעט ניט,
און איבער דעם צירקל פֿון הימל גייט ער אום״.
15 ווילסטו אָנהאַלטן דעם אַלטן וועג,
וואָס די לײַט פֿון אומרעכט האָבן געטרעטן?
16 די וואָס זײַנען אײַנגעגאַנגען פֿאַר דער צײַט,
וואָס זייער גרונטפֿעסט איז ווי אַ טײַך צערונען געוואָרן;
17 די וואָס האָבן געזאָגט צו גאָט: קער זיך אָפּ פֿון אונדז!
און וואָס קען זיי טאָן דער אַלמאַכטיקער?
18 בעת ער האָט אָנגעפֿילט זייערע הײַזער מיט גוטס —
יאָ, די טראַכטונג פֿון די רשעים איז ווײַט פֿון מיר.—
19 די גערעכטע האָבן געזען, און זיך געפֿרייט,

און דער אומשולדיקער האָט געשפּעט פון זיי:
20 פאַרוואָר, פאַרטיליקט געוואָרן איז זייער באַשטאַנד,
און זייער שֶפע האָט פאַרצערט דאָס פייער.

21 באַקען זיך גאָר מיט אים, און זיי אין פריד —
דורך דעם וועט דיר אָנקומען גוטס.
22 נעם נאָר צו לערנונג פון זיין מויל,
און טו אַריין זיינע ווערטער אין דיין האַרצן.
23 אַז דו וועסט זיך אומקערן צום אַלמאַכטיקן וועסטו
אויפגעריכט ווערן—
אַז דו וועסט דערווייטערן אומרעכט פון דיינע
געצעלטן.
24 און וואַרף אין שטוב דאָס גאָלדאַרץ[א],
און צווישן געשטיין[א] פון די טאָלן דאָס אופיר־גאָלד;
25 און דער אַלמאַכטיקער זאָל זיין דיין גאָלדאַרץ,
און קרוועס זילבער ביי דיר.
26 וואָרום דענסמאָל וועסטו מיטן אַלמאַכטיקן זיך קוויקן,
און וועסט אויפהייבן צו גאָט דיין פּנים.
27 וועסט בעטן צו אים, און ער וועט דיך צוהערן,
און דיינע נדרים וועסטו באַצאָלן.
28 און וועסט באַשליסן אַ זאַך, און זי וועט דיר צו שטאַנד
קומען,
און אויף דיינע וועגן וועט שיינען אַ ליכטיקייט.

29 אַז מע האָט דיך דערנידערט, האָסטו געזאָלט זאָגן:
עס איז אַ דערהייבונג;
וואָרום ער העלפט
דעם וואָס האַלט נידעריק די אויגן.
30 ווי אַן אומשולדיקן מאַכט ער אַנטרינען,
און וועסט אַנטרונען ווערן דורך דער ריינקייט פון
דיינע הענט.

## כג

1 האָט געענטפערט איוב, און האָט געזאָגט:
2 היינט אויך איז ביטער מיין קלאָג,
מיין האַנט איז שווער פון וועגן מיין זיפצן.
3 הלוואַי ווייס איך ווו איך געפין אים,
ווי איך קום צו זיין אָרט!
4 איך וואָלט פאָרגעלייגט פאַר אים דעם משפּט,
און מיין מויל וואָלט איך אָנגעפילט מיט טענות.
5 איך וואָלט וויסן וואָס ער וואָלט מיר ענטפערן,
און פאַרשטיין וואָס ער וואָלט מיר זאָגן.
6 וואָלט ער מיט גרויס כּוח געקריגט מיט מיר?
ניין; נייערט אַכט געטאָן וואָלט ער אויף מיר.
7 דענסמאָל וואָלט דער רעכטפאַרטיקער געטענהט
מיט אים,
און איך וואָלט אויף אייביק אַנטרונען פון מיין ריכטער.

8 זע, איך גיי פאַרויס, און ער איז ניטאָ,
און אַהינטער, און איך מערק אים ניט;
9 לינקס אַז ער איז פאַרטאָן, זע איך ניט,
ער פאַרדרייט זיך רעכטס, און איך מערק ניט.

10 אָבער ער ווייס דעם וועג וואָס ביי מיר,
ער האָט מיך געפּרוווט, איך בין ווי גאָלד אַרויס.
11 אָן זיין טריט האָט זיך געהאַלטן מיין פוס,
זיין וועג האָב איך געהיט, און זיך ניט אָפּגענייגט.
12 ווו אַ געבאָט פון זיינע ליפּן, האָב איך זיך ניט אָפּ־
געקערט;
מער ווי מיין אויסקומעניש האָב איך געהיט די ווערטער
פון זיין מויל.

[א] וואָרטשפּיל: בָּצֶר-וּבְצוֹר.

כ וְנָקִי יִלְעַג־לָמוֹ: אִם־לֹא נִכְחַד קִימָנוּ וְיִתְרָם אָכְלָה אֵשׁ:
כא כב הַסְכֶּן־נָא עִמּוֹ וּשְׁלָם בָּהֶם תְּבוֹאַתְךָ טוֹבָה: קַח־נָא מִפִּיו
כג תּוֹרָה וְשִׂים אֲמָרָיו בִּלְבָבֶךָ: אִם־תָּשׁוּב עַד־שַׁדַּי תִּבָּנֶה
כד תַּרְחִיק עַוְלָה מֵאָהֳלֶךָ: וְשִׁית־עַל־עָפָר בָּצֶר וּבְצוּר נְחָלִים
כה כו אוֹפִיר: וְהָיָה שַׁדַּי בְּצָרֶיךָ וְכֶסֶף תּוֹעָפוֹת לָךְ: כִּי־אָז
כז עַל־שַׁדַּי תִּתְעַנָּג וְתִשָּׂא אֶל־אֱלוֹהַּ פָּנֶיךָ: תַּעְתִּיר אֵלָיו
כח וְיִשְׁמָעֶךָּ וּנְדָרֶיךָ תְשַׁלֵּם: וְתִגְזַר־אֹמֶר וְיָקָם לָךְ וְעַל־
כט דְּרָכֶיךָ נָגַהּ אוֹר: כִּי־הִשְׁפִּילוּ וַתֹּאמֶר גֵּוָה וְשַׁח עֵינַיִם
ל יוֹשִׁעַ: יְמַלֵּט אִי־נָקִי וְנִמְלַט בְּבֹר כַּפֶּיךָ:

## כג

א ב וַיַּעַן אִיּוֹב וַיֹּאמַר: גַּם־הַיּוֹם מְרִי שִׂחִי יָדִי כָּבְדָה עַל־
ג אַנְחָתִי: מִי־יִתֵּן יָדַעְתִּי וְאֶמְצָאֵהוּ אָבוֹא עַד־תְּכוּנָתוֹ:
ד ה אֶעֶרְכָה לְפָנָיו מִשְׁפָּט וּפִי אֲמַלֵּא תוֹכָחוֹת: אֵדְעָה מִלִּים
ו יַעֲנֵנִי וְאָבִינָה מַה־יֹּאמַר לִי: הַבְּרָב־כֹּחַ יָרִיב עִמָּדִי לֹא
ז אַךְ־הוּא יָשִׂם בִּי: שָׁם יָשָׁר נוֹכָח עִמּוֹ וַאֲפַלְּטָה לָנֶצַח
ח מִשֹּׁפְטִי: הֵן קֶדֶם אֶהֱלֹךְ וְאֵינֶנּוּ וְאָחוֹר וְלֹא־אָבִין לוֹ:
ט י שְׂמֹאול בַּעֲשֹׂתוֹ וְלֹא־אָחַז יַעְטֹף יָמִין וְלֹא אֶרְאֶה: כִּי־יָדַע
יא דֶּרֶךְ עִמָּדִי בְּחָנַנִי כַּזָּהָב אֵצֵא: בַּאֲשֻׁרוֹ אָחֲזָה רַגְלִי דַּרְכּוֹ
יב שָׁמַרְתִּי וְלֹא־אָט: מִצְוַת שְׂפָתָיו וְלֹא אָמִישׁ מֵחֻקִּי צָפַנְתִּי
יג אִמְרֵי־פִיו: וְהוּא בְאֶחָד וּמִי יְשִׁיבֶנּוּ וְנַפְשׁוֹ אִוְּתָה וַיָּעַשׂ:
יד טו כִּי יַשְׁלִים חֻקִּי וְכָהֵנָּה רַבּוֹת עִמּוֹ: עַל־כֵּן מִפָּנָיו אֶבָּהֵל
טז אֶתְבּוֹנֵן וְאֶפְחַד מִמֶּנּוּ: וְאֵל הֵרַךְ לִבִּי וְשַׁדַּי הִבְהִילָנִי:
יז כִּי לֹא נִצְמַתִּי מִפְּנֵי־חֹשֶׁךְ וּמִפָּנַי כִּסָּה־אֹפֶל:

## כד

א ב מַדּוּעַ מִשַּׁדַּי לֹא־נִצְפְּנוּ עִתִּים וְיֹדְעָו לֹא־חָזוּ יָמָיו: גְּבֻלוֹת
ג יַשִּׂיגוּ עֵדֶר גָּזְלוּ וַיִּרְעוּ: חֲמוֹר יְתוֹמִים יִנְהָגוּ יַחְבְּלוּ שׁוֹר
ד ה אַלְמָנָה: יַטּוּ אֶבְיֹנִים מִדָּרֶךְ יַחַד חֻבְּאוּ עֲנִיֵּי־אָרֶץ: הֵן

כב, כג׳ ס״א מאהליך   כג, ט׳ יתיר ו   מלעיל   כד, א׳ וידעיו ק׳

13 אָבער ער האַלט זיך ביי איינס, און ווער קען אים אָפּהאַלטן?
און זיין זעל באַגערט, און ער טוט.
14 יאָ, ער וועט אויספירן וואָס מיר איז באַשערט,
און פיל אַזוינס איז נאָך דאָ ביי אים.
15 דרום בין איך דערשראָקן פאַר אים;
איך באַטראַכט, און האָב מורא פאַר אים.
16 און גאָט האָט שלאַף געמאַכט מיין האַרץ,
און דער אַלמאַכטיקער האָט מיך אַיינגעשראָקן.
17 וואָרום איך בין ניט פאַרמיטן געוואָרן פון דעם חושך,
און פאַר מיין פּנים האָט פאַרדעקט אַ פינצטערניש.

## כד

1 פאַרוואָס זיינען ניט אָפּגעלייגט פון אַלמאַכטיקן
באַשטימטע צייטן,
און די וואָס קענען אים, זעען ניט זיינע טעג?
2 גרענעצן פאַררוקט מען,
אַ סטאַדע גזלט מען און מע פיטערט.
3 דעם אייזל פון יתומים פירט מען אַוועק,
מע נעמט אין משכּון דעם אָקס פון דער אַלמנה.
4 מע שטויסט אַראָפּ אביונים פון וועג,
באַהאַלטן מוזן זיך אַלע אָרימע פון לאַנד.
5 זע, ווי ווילדע אייזלען אין מדבר,

פְּרָאִים ׀ בַּמִּדְבָּר יָצְאוּ בְּפָעֳלָם מְשַׁחֲרֵי לַטָּרֶף עֲרָבָה לוֹ
ו לֶחֶם לַנְּעָרִים׃ בַּשָּׂדֶה בְּלִילוֹ יִקְצוֹרוּ וְכֶרֶם רָשָׁע יְלַקֵּשׁוּ׃
ז ח עָרוֹם יָלִינוּ מִבְּלִי לְבוּשׁ וְאֵין כְּסוּת בַּקָּרָה׃ מִזֶּרֶם הָרִים
ט יִרְטָבוּ וּמִבְּלִי מַחְסֶה חִבְּקוּ־צוּר׃ יִגְזְלוּ מִשֹּׁד יָתוֹם וְעַל־
י עָנִי יַחְבֹּלוּ׃ עָרוֹם הִלְּכוּ בְּלִי לְבוּשׁ וּרְעֵבִים נָשְׂאוּ עֹמֶר׃
יא יב בֵּין־שׁוּרֹתָם יַצְהִירוּ יְקָבִים דָּרְכוּ וַיִּצְמָאוּ׃ מֵעִיר מְתִים ׀
יג יִנְאָקוּ וְנֶפֶשׁ־חֲלָלִים תְּשַׁוֵּעַ וֶאֱלוֹהַּ לֹא־יָשִׂים תִּפְלָה׃ הֵמָּה ׀
הָיוּ בְּמֹרְדֵי אוֹר לֹא־הִכִּירוּ דְרָכָיו וְלֹא יָשְׁבוּ בִּנְתִיבֹתָיו׃
יד לָאוֹר יָקוּם רוֹצֵחַ יִקְטָל־עָנִי וְאֶבְיוֹן וּבַלַּיְלָה יְהִי כַגַּנָּב׃
טו וְעֵין נֹאֵף ׀ שָׁמְרָה נֶשֶׁף לֵאמֹר לֹא־תְשׁוּרֵנִי עָיִן וְסֵתֶר פָּנִים
טז יָשִׂים׃ חָתַר בַּחֹשֶׁךְ בָּתִּים יוֹמָם חִתְּמוּ־לָמוֹ לֹא־יָדְעוּ
יז אוֹר׃ כִּי יַחְדָּו ׀ בֹּקֶר לָמוֹ צַלְמָוֶת כִּי־יַכִּיר בַּלְהוֹת צַלְמָוֶת׃
יח קַל־הוּא ׀ עַל־פְּנֵי־מַיִם תְּקֻלַּל חֶלְקָתָם בָּאָרֶץ לֹא־יִפְנֶה
יט דֶּרֶךְ כְּרָמִים׃ צִיָּה גַם־חֹם יִגְזְלוּ מֵימֵי־שֶׁלֶג שְׁאוֹל חָטָאוּ׃
כ יִשְׁכָּחֵהוּ רֶחֶם ׀ מְתָקוֹ רִמָּה עוֹד לֹא־יִזָּכֵר וַתִּשָּׁבֵר כָּעֵץ
כא כב עַוְלָה׃ רֹעֶה עֲקָרָה לֹא תֵלֵד וְאַלְמָנָה לֹא יְיֵטִיב׃ וּמָשַׁךְ
כג אַבִּירִים בְּכֹחוֹ יָקוּם וְלֹא־יַאֲמִין בַּחַיִּין׃ יִתֶּן־לוֹ לָבֶטַח
כד וְיִשָּׁעֵן וְעֵינֵיהוּ עַל־דַּרְכֵיהֶם׃ רוֹמּוּ מְּעַט ׀ וְאֵינֶנּוּ וְהֻמְּכוּ
כה כַּכֹּל יִקָּפְצוּן וּכְרֹאשׁ שִׁבֹּלֶת יִמָּלוּ׃ וְאִם־לֹא אֵפוֹ מִי
יַכְזִיבֵנִי וְיָשֵׂם לְאַל מִלָּתִי׃

## כה

א ב וַיַּעַן בִּלְדַּד הַשֻּׁחִי וַיֹּאמַר׃ הַמְשֵׁל וָפַחַד עִמּוֹ עֹשֶׂה שָׁלוֹם
ג בִּמְרוֹמָיו׃ הֲיֵשׁ מִסְפָּר לִגְדוּדָיו וְעַל־מִי לֹא־יָקוּם אוֹרֵהוּ׃
ד ה וּמַה־יִּצְדַּק אֱנוֹשׁ עִם־אֵל וּמַה־יִּזְכֶּה יְלוּד אִשָּׁה׃ הֵן עַד־
ו יָרֵחַ וְלֹא יַאֲהִיל וְכוֹכָבִים לֹא־זַכּוּ בְעֵינָיו׃ אַף כִּי־אֱנוֹשׁ
רִמָּה וּבֶן־אָדָם תּוֹלֵעָה׃

---

כד, ו׳ יקצורו קרי   כד׳ כא תמו   שוא באתנח

גייען זיי אַרויס צו זייער אַרבעט, זוכנדיק שפּייז;
די סטעפּ גיט אים ברויט פאַר די קינדער.
6 אויפן פעלד שניידן זיי זיין פוטער,
און דעם ווייגאָרטן פון רשע קלייבן זיי אָפּ.
7 נאַקעט נעכטיקן זיי, אָן אַ מלבוש,
און אָן אַ צודעק פון קעלט.
8 פון דעם רעגנגוס פון די בערג ווערן זיי דורכגענעצט,
און אָן אַ שיצונג טוליען זיי זיך צום פעלז.

9 מע רויבט פון דער ברוסט דעם יתום,
אוןביים אָרימאַן נעמט מען אַ משכון.
10 נאַקעט גייען זיי, אָן אַ מלבוש,
און הונגעריקע טראָגן זיי דעם גאַרב.
11 צווישן די מויערן פון יענע, פּרעסן זיי אייל;
קעלטערס טרעטן זיי און זיינען דאָרשטיק.
12 פון שטאָט קרעכצן די מענטשן,
און די זעל פון גוססע שרייט,
און גאָט מאַכט ניט קיין פאָרוווּרף.

13 זיי זיינען ווידערשפּעניקער אָן ליכט,
זיי קענען ניט זיינע וועגן,
און ווײַלן ניט אויף זיינע שטעגן.
14 מיטן שיין שטייט אויף דער מערדער,
צו טייטן דעם אָרימאַן און דעם אביון;
און ביי נאַכט איז ער ווי אַ גנב.
15 און דאָס אויג פון נואף וואַרט אויף פאַרנאַכט,
אַזוי צו זאָגן: מיך וועט ניט אָנזען אַן אויג;
און אַ צודעק אויפן פּנים טוט ער אָן.
16 זיי גראָבן אונטער אין דער פינצטער הייזער,
ביי טאָג פאַרשליסן זיי זיך אַיין;
זיי ווייסן ניט פון ליכטיקייט,
17 וואָרום ביי זיי אַלעמען איז טויטשאָטן פרימאָרגן,
ווייל זיי זיינען באַקאַנט מיט די שרעקענישן פון טויטשאָטן.

18 ער גייט לייכט[א] אַוועק אויפן וואַסער;
פאַרשאָלטן איז[א] זייער חלק אויף דער ערד;
ער פאַרקערט ניט אויפן וועג פון ווייגערטנער.
19 טריקעניש און היץ רויבן אַוועק שנייוואַסער;
די אונטערערד – די וואָס האָבן געזינדיקט.
20 דער טראַכט פאַרגעסט אָן אים,
דער וואָרעם לאָבט זיך מיט אים,
ער ווערט מער ניט גערעכט;
און צעבראָכן ווי אַ האָלץ ווערט אומגערעכטיקייט.

21 ער חברט זיך מיט דער עקרה וואָס געבערט ניט;
און די אַלמנה באַגיטיקט ער ניט.
22 און ער שלעפּט אַראָפּ די מאַכטיקע מיט זיין כּוח;
ער שטייט אויף, און מע איז ניט זיכער מיטן לעבן.

23 [גאָט] לאָזט אים אין זיכערקייט, ער זאָל זיך אָנלענען,
אָבער זיינע אויגן זיינען אויף זייערע וועגן.
24 זיי ווערן דערהויבן אַ ווײַלע, און שוין זיינען זיי
ניטאָ;

יאָ, זיי ווערן דערנידערט, ווי אַלע ווערן זיי אַיינגע־
זאַמלט,
און ווי אַ שפּיץ זאַנג ווערן זיי אָפּגעשניטן.

25 און אויב ניט אַזוי, דען, ווער וויל מיר אָפּלייקענען,
און מאַכן צו נישט מיין וואָרט?

## כה

1 האָט געענטפערט בִּלדַד דער שוחי, און האָט געזאָגט:
2 געוועלטיקייט און פאָרכטיקייט זיינען ביי אים;
ער שאַפט שלום אין זיינע הייכן.
3 איז דאָ אַ צאָל צו זיינע מחנות?
און אויף וועמען גייט ניט אויף זיין ליכט?
4 היינט ווי קען אַ מענטש גערעכט זיין קעגן גאָט?
און ווי קען ריין זיין אַ געבאָרענער פון אַ פרוי?
5 זע, אַפילו די לבנה איז ניט העל,
און די שטערן זיינען ניט ריין אין זיינע אויגן,
6 היינט ווי שוין אַ מענטש אַ וואָרעם,
און אַ מענטשנקינד אַ מילב?

[א] וואָרטשפּיל: קַל–תְּקֻלַּל.

## כו

1 האָט געענטפערט איוב, און האָט געזאָגט:
2 ווי האָסטו געהאָלפן דעם וואָס אָן כּוח!
בייגעשטאַנען דעם אָרעם אָן מאַכט!
3 ווי האָסטו געעצהט דעם וואָס אָן חכמה,
און קלוגשאַפט אַ סך געלאָזט וויסן!
4 מיט וועמעס הילף האָסטו געזאָגט די ווערטער?
און וועמעס אָטעם איז אַרויסגעגאַנגען פון דיר?

5 די מתים ציטערן,
די וואַסערן פון אונטן מיט זייערע באַוווינער.
6 נאַקעט איז די אונטערערד פאַר אים,
און אָן אַ צודעק איז דער אָפּגרונט.
7 ער שפּרייט אויס דעם צפון איבער דעם תּוהו,
ער הענגט אויף די ערד אויף גאָרנישט.
8 ער בינדט איין די וואַסערן אין זיינע כמאַרעס,
און ניט צעפּלאַצט ווערט דער וואָלקן אונטער זיי.
9 ער פאַרדעקט דעם פּנים פונעם טראָן,
ער פאַרשפּרייט זיין וואָלקן איבער אים.
10 ער האָט געצירקלט אַ גרענעץ אויפן וואַסער,
ביז צום סוף פון ליכט און פינצטערניש.
11 די זיילן פון הימל טרייסלען זיך,
און ווערן צעטומלט פון זיין אָנגעשריי.
12 מיט זיין כּוח צערודערט ער דעם ים,
און מיט זיין פאַרשטאַנדיקייט צעהאַקט ער רַהַב.
13 דורך זיין אָטעם ווערט לויטער דער הימל;
זיין האַנט האָט דערשלאָגן די לויפיקע שלאַנג.
14 זע, דאָס זיינען טייל פון זיינע וועגן;
און וואָס פאַר אַ קליין מורמל הערן מיר פון אים!
אָבער דעם דונער פון זיינע גבורות ווער קען פאַרשטיין?

## כז

1 און איוב האָט ווידער אויפגעהויבן זיין גערייד,
און האָט געזאָגט:
2 אַזוי ווי עס לעבט גאָט וואָס האָט צוגענומען מיין רעכט,
און דער אַלמאַכטיקער וואָס האָט פאַרביטערט מיין
זעל,
3 אַז אויב כּל־זמן מיין אָטעם איז אין מיר,
און דער הויך פון גאָט אין מיין נאָז,
4 אויב מיינע ליפן וועלן רעדן אומרעכט,
און אויב מיין צונג וועט אַרויסלאָזן באַטרוג!
5 חלילה מיר, אַז איך זאָל אײַך געבן גערעכט!
ביז איך וועל אויסגיין וועל איך ניט לאָזן אָפּנעמען מיין
ערלעכקייט פון מיר.
6 אָן מיין גערעכטיקייט האַלט איך זיך און וועל זי ניט
אָפּלאָזן;
מיין האַרץ האָט פון מיין לעבטאָג אָן מיר ניט פאַרצו־
וואַרפן.

7 זאָל ווערן פון מיין פיינט ווי פון רשע,
און פון מיין קעגנשטייער ווי פון דעם פאַרברעכער!
8 ווארום וואָס איז די האָפענונג פון דעם זינדיקן, אַז ער
האַוועט,
אויב גאָט נעמט אַוועק זיין זעל?
9 וועט גאָט הערן זיין געשריי,
אַז אויף אים וועט קומען אַ צרה?
10 צי קען ער זיך קוויקן מיטן אַלמאַכטיקן,

כו

א וַיַּעַן אִיּוֹב וַיֹּאמַר׃ ב מֶה־עָזַרְתָּ לְלֹא־כֹחַ הוֹשַׁעְתָּ זְרוֹעַ לֹא־
ג עֹז׃ מַה־יָּעַצְתָּ לְלֹא חָכְמָה וְתֻשִׁיָּה לָרֹב הוֹדָעְתָּ׃ ד אֶת־
ה מִי הִגַּדְתָּ מִלִּין וְנִשְׁמַת־מִי יָצְאָה מִמֶּךָּ׃ הָרְפָאִים יְחוֹלָלוּ
ו מִתַּחַת מַיִם וְשֹׁכְנֵיהֶם׃ עָרוֹם שְׁאוֹל נֶגְדּוֹ וְאֵין כְּסוּת
ז לָאֲבַדּוֹן׃ נֹטֶה צָפוֹן עַל־תֹּהוּ תֹּלֶה אֶרֶץ עַל־בְּלִי־מָה׃
ח צֹרֵר־מַיִם בְּעָבָיו וְלֹא־נִבְקַע עָנָן תַּחְתָּם׃ ט מְאַחֵז פְּנֵי־כִסֵּה
י פַּרְשֵׁז עָלָיו עֲנָנוֹ׃ חֹק־חָג עַל־פְּנֵי־מָיִם עַד־תַּכְלִית אוֹר
יא עִם־חֹשֶׁךְ׃ עַמּוּדֵי שָׁמַיִם יְרוֹפָפוּ וְיִתְמְהוּ מִגַּעֲרָתוֹ׃ יב בְּכֹחוֹ
יג רָגַע הַיָּם וּבִתְוֹבֻנָתוֹ מָחַץ רָהַב׃ בְּרוּחוֹ שָׁמַיִם שִׁפְרָה
יד חֹלְלָה יָדוֹ נָחָשׁ בָּרִחַ׃ הֶן־אֵלֶּה ׀ קְצוֹת דְּרָכָו וּמַה־שֵּׁמֶץ
דָּבָר נִשְׁמַע־בּוֹ וְרַעַם גְּבוּרָתוֹ מִי יִתְבּוֹנָן׃

כז

א וַיֹּסֶף אִיּוֹב שְׂאֵת מְשָׁלוֹ וַיֹּאמַר׃ ב חַי־אֵל הֵסִיר מִשְׁפָּטִי
ג וְשַׁדַּי הֵמַר נַפְשִׁי׃ כִּי־כָל־עוֹד נִשְׁמָתִי בִי וְרוּחַ אֱלוֹהַּ
ד בְּאַפִּי׃ אִם־תְּדַבֵּרְנָה שְׂפָתַי עַוְלָה וּלְשׁוֹנִי אִם־יֶהְגֶּה רְמִיָּה׃
ה חָלִילָה לִּי אִם־אַצְדִּיק אֶתְכֶם עַד־אֶגְוָע לֹא־אָסִיר תֻּמָּתִי
ו מִמֶּנִּי׃ בְּצִדְקָתִי הֶחֱזַקְתִּי וְלֹא אַרְפֶּהָ לֹא־יֶחֱרַף לְבָבִי
ז מִיָּמָי׃ יְהִי כְרָשָׁע אֹיְבִי וּמִתְקוֹמְמִי כְעַוָּל׃ ח כִּי מַה־תִּקְוַת
ט חָנֵף כִּי יִבְצָע כִּי יֵשֶׁל אֱלוֹהַּ נַפְשׁוֹ׃ הֲצַעֲקָתוֹ יִשְׁמַע ׀ אֵל
י כִּי־תָבוֹא עָלָיו צָרָה׃ אִם־עַל־שַׁדַּי יִתְעַנָּג יִקְרָא אֱלוֹהַּ
יא בְּכָל־עֵת׃ אוֹרֶה אֶתְכֶם בְּיַד־אֵל אֲשֶׁר עִם־שַׁדַּי לֹא אֲכַחֵד׃
יב הֵן־אַתֶּם כֻּלְּכֶם חֲזִיתֶם וְלָמָּה־זֶּה הֶבֶל תֶּהְבָּלוּ׃ יג זֶה ׀ חֵלֶק־
יד אָדָם רָשָׁע ׀ עִם־אֵל וְנַחֲלַת עָרִיצִים מִשַּׁדַּי יִקָּחוּ׃ אִם־
טו יִרְבּוּ בָנָיו לְמוֹ־חָרֶב וְצֶאֱצָאָיו לֹא יִשְׂבְּעוּ־לָחֶם׃ שְׂרִידָו
טז בַּמָּוֶת יִקָּבֵרוּ וְאַלְמְנֹתָיו לֹא תִבְכֶּינָה׃ אִם־יִצְבֹּר כֶּעָפָר
יז כָּסֶף וְכַחֹמֶר יָכִין מַלְבּוּשׁ׃ יָכִין וְצַדִּיק יִלְבָּשׁ וְכֶסֶף נָקִי

כו, ח׳ ס״א תחתיו ט׳ ה׳ במקום א׳ ס״א בסין
יב׳ ובתבונתו קרי יד׳ דרכיו קרי ס״א שֶׁמֶץ גבורתיו קרי
כז, ה׳ קמץ באתנח אחר ע״ו טו׳ שרידיו קרי

רופן צו גאָט אין יעטוועדער צייט?
11 איך וועל אײַך לערנען וועגן דער האַנט פון גאָט,
וואָס איז ביים אַלמאַכטיקן וועל איך ניט פאַרהוילן.
12 אָט האָט איר אַלע געזען,
און פאַרוואָס דען פלוידערט איר נישטיקס?
13 דאָס איז דער חלק פון דעם שלעכטן מענטשן בײַ
גאָט,
און די אַרב וואָס די געוואַלטטוער קריגן פון אַל־
מאַכטיקן.
14 אויב זיינע קינדער מערן זיך, איז דאָס פאַרן שווערד,
און זיינע שפּראָצן וועלן ניט האָבן ברויט צו זאַט.
15 די וואָס בלייבן פון אים וועלן פון פעסט באַגראָבן
ווערן,
און זיינע אַלמנות וועלן צומאָל ניט באַוויינען.
16 אַז ער זאָל אָנזאַמלען ווי שטויב זילבער,
און ווי ליים אָנגרייטן מלבושים,
17 וועט ער אָנגרייטן, און דער גערעכטער וועט אָנטאָן,
און מיטן זילבער וועלן די אומשולדיקע זיך טיילן.

יח יֶחֱלֹק׃ בָּנָה כָעָשׁ בֵּיתוֹ וּכְסֻכָּה עָשָׂה נֹצֵר׃ עָשִׁיר יִשְׁכַּב יט
וְלֹא יֵאָסֵף עֵינָיו פָּקַח וְאֵינֶנּוּ׃ תַּשִּׂיגֵהוּ כַמַּיִם בַּלָּהוֹת כ
לַיְלָה גְּנָבַתּוּ סוּפָה׃ יִשָּׂאֵהוּ קָדִים וְיֵלַךְ וִישָׂעֲרֵהוּ מִמְּקֹמוֹ׃ כא
וְיַשְׁלֵךְ עָלָיו וְלֹא יַחְמֹל מִיָּדוֹ בָּרוֹחַ יִבְרָח׃ יִשְׂפֹּק עָלֵימוֹ כב כג
כַפֵּימוֹ וְיִשְׁרֹק עָלָיו מִמְּקֹמוֹ׃

כח

א כִּי יֵשׁ לַכֶּסֶף מוֹצָא וּמָקוֹם לַזָּהָב יָזֹקּוּ׃ בַּרְזֶל מֵעָפָר יֻקָּח ב
וְאֶבֶן יָצוּק נְחוּשָׁה׃ קֵץ ׀ שָׂם לַחֹשֶׁךְ וּלְכָל־תַּכְלִית הוּא ג
חוֹקֵר אֶבֶן אֹפֶל וְצַלְמָוֶת׃ פָּרַץ נַחַל ׀ מֵעִם־גָּר הַנִּשְׁכָּחִים ד
מִנִּי־רָגֶל דַּלּוּ מֵאֱנוֹשׁ נָעוּ׃ אֶרֶץ מִמֶּנָּה יֵצֵא־לָחֶם וְתַחְתֶּיהָ ה
נֶהְפַּךְ כְּמוֹ־אֵשׁ׃ מְקוֹם־סַפִּיר אֲבָנֶיהָ וְעַפְרֹת זָהָב לוֹ׃ ו
נָתִיב לֹא־יְדָעוֹ עָיִט וְלֹא שְׁזָפַתּוּ עֵין אַיָּה׃ לֹא־הִדְרִיכֻהוּ ז ח
בְנֵי־שָׁחַץ לֹא־עָדָה עָלָיו שָׁחַל׃ בַּחַלָּמִישׁ שָׁלַח יָדוֹ הָפַךְ ט
מִשֹּׁרֶשׁ הָרִים׃ בַּצּוּרוֹת יְאֹרִים בִּקֵּעַ וְכָל־יְקָר רָאֲתָה י
עֵינוֹ׃ מִבְּכִי נְהָרוֹת חִבֵּשׁ וְתַעֲלֻמָהּ יֹצִא אוֹר׃ יא
וְהַחָכְמָה מֵאַיִן תִּמָּצֵא וְאֵי זֶה מְקוֹם בִּינָה׃ לֹא־יָדַע אֱנוֹשׁ יב יג
עֶרְכָּהּ וְלֹא תִמָּצֵא בְּאֶרֶץ הַחַיִּים׃ תְּהוֹם אָמַר לֹא בִי־ יד
הִיא וְיָם אָמַר אֵין עִמָּדִי׃ לֹא־יֻתַּן סְגוֹר תַּחְתֶּיהָ וְלֹא טו
יִשָּׁקֵל כֶּסֶף מְחִירָהּ׃ לֹא־תְסֻלֶּה בְּכֶתֶם אוֹפִיר בְּשֹׁהַם טז
יָקָר וְסַפִּיר׃ לֹא־יַעַרְכֶנָּה זָהָב וּזְכוֹכִית וּתְמוּרָתָהּ כְּלִי־ יז
פָז׃ רָאמוֹת וְגָבִישׁ לֹא יִזָּכֵר וּמֶשֶׁךְ חָכְמָה מִפְּנִינִים׃ יח
לֹא־יַעַרְכֶנָּה פִּטְדַת־כּוּשׁ בְּכֶתֶם טָהוֹר לֹא תְסֻלֶּה׃ יט
וְהַחָכְמָה מֵאַיִן תָּבוֹא וְאֵי זֶה מְקוֹם בִּינָה׃ וְנֶעֶלְמָה מֵעֵינֵי כ כא
כָל־חָי וּמֵעוֹף הַשָּׁמַיִם נִסְתָּרָה׃ אֲבַדּוֹן וָמָוֶת אָמְרוּ בְּאָזְנֵינוּ כב
שָׁמַעְנוּ שִׁמְעָהּ׃ אֱלֹהִים הֵבִין דַּרְכָּהּ וְהוּא יָדַע אֶת־ כג
מְקוֹמָהּ׃ כִּי־הוּא לִקְצוֹת־הָאָרֶץ יַבִּיט תַּחַת כָּל־הַשָּׁמַיִם כד
יִרְאֶה׃ לַעֲשׂוֹת לָרוּחַ מִשְׁקָל וּמַיִם תִּכֵּן בְּמִדָּה׃ בַּעֲשֹׂתוֹ כה כו
לַמָּטָר חֹק וְדֶרֶךְ לַחֲזִיז קֹלוֹת׃ אָז רָאָה וַיְסַפְּרָהּ הֱכִינָהּ כז

כז, כא׳ פתח באתנח   כח, ט׳ ס״א הֹפֵךְ מִשֹּׁרֶשׁ   כב׳ שוא באתנח

18 ער בויט ווי אַ מאָיל זיין הויז,
און ווי אַ ביידל וואָס דער וועכטער מאַכט.
19 ער לייגט זיך אַן עושר, און שוין איז ניטאָ וואָס אויפ־
צוקלייבן,
ער עפנט זיינע אויגן, און עס איז ניטאָ.
20 ווי וואַסערן יאָגן אים אָן שרעקענישן,
איבער נאַכט גנבעט אים אַוועק אַ שטורעם.
21 דער מזרח־ווינט הייבט אים אויף, אַז ער מוז גיין,
און ער שטורעמט אים אַוועק פון זיין אָרט.
22 און ער שליידערט אויף אים און דערבאַרימט זיך ניט;
לויפנדיק וואָלט ער אַנטלאָפן פון זיין האַנט.
23 מע פּאַטשט איבער אים די הענט,
און מע שמוצערט אויף אים פון זיין אָרט.

כח

1 יאָ, פאַראַן אַ גרעבעריי פאַר זילבער,
און אַן אָרט ווו גאָלד טוט מען לייטערן.
2 אַייזן ווערט פון דער ערד גענומען,
און פון שטיין שמעלצט מען קופּער.
3 [דער מענטש] מאַכט אַ סוף צו פינצטערניש,
און ביז יעטוועדער עק פאָרשט ער אויס
שטיינער פון פינצטערניש און טויטשאָטן.
4 ער ברעכט אַ שאַכט ווייט פון אַ באַוווינער;
פאַרגעסן פון אַ [פאַרבייגייערס] פוס;
אָפּגעצערט, ווייט פון מענטשן וואַנדערן זיי.
5 די ערד, פון איר קומט אַרויס ברויט,
אָבער אונטער איר איז איבערגעקערט ווי פון פייער.
6 דער אָרט פון סאַפיר זיינען אירע שטיינער,
און שטויבן פון גאָלד זיינען דערין.
7 דעם שטעג, אים ווייס ניט קיין רויבפויגל,
און ניט אָנגעקוקט האָט אים דאָס אויג פון אַ פאַלק.
8 ניט באַטרעטן האָבן אים חיות שטאָלצע,
ניט געשפּרייזט האָט אויף אים דער לייב.
9 צום קיזלשטיין שטרעקט ער אויס זיין האַנט,
ער קערט אום פון וואָרצל די בערג.
10 אין פעלזן האַקט ער גראָבנס,
און אַלדאָס טייערסטע קוקט אָן זיין אויג.
11 פלוסן פאַרבינדט ער ניט צו רינען,
און פאַרבאָרגנס ברענגט ער אַרויס אין ליכט.

12 אָבער די חכמה פון וואַנען קען געפונען ווערן,
און ווו איז דער אָרט פון פאַרשטאַנדיקייט?
13 קיין מענטש ווייס ניט איר ווערדע,
און זי געפינט זיך ניט אין לאַנד פון די לעבעדיקע.
14 דער תהום זאָגט: ניט אין מיר;
און דער ים זאָגט: ניט ביי מיר.
15 פאַר איר קען ניט געגעבן ווערן פיינגאָלד,
און זילבער קען ניט געוווין ווערן פאַר איר מקח.
16 זי קען ניט אָפּגעשאַצט ווערן מיט אופיר־גאָלד,
מיט טייערן אָניקל און סאַפּירשטיין.
17 גאָלד און גלאָז זיינען ניט איר גלייכן,
און כלים פון גינגאָלד איר אויסבייט.
18 אַבנים טובות און קרישטאָל דאַרפן ניט דערמאָנט
ווערן,
און מער פון קאָרעלן איז דער באַטרעף פון חכמה.
19 טאָפּאַז פון כוש איז ניט איר גלייכן,
מיט ריינעם גאָלד קען זי ניט אָפּגעשאַצט ווערן.

20 טאָ פון וואַנען קומט די חכמה?
און ווו איז דער אָרט פון פאַרשטאַנדיקייט?
21 אַז זי איז פאַרהוילן פון די אויגן פון יעטוועדער
לעבעדיקן,
און פון פויגל פון הימל איז זי פאַרבאָרגן.
22 אונטערגאַנג און טויט זאָגן:
מיט אונדזערע אויערן האָבן מיר געהערט איר הערונג.
23 גאָט פאַרשטייט איר וועג,
און ער ווייס איר אָרט.
24 וואָרום ער קוקט ביז די עקן ערד,
אונטערן גאַנצן הימל זעט ער.
25 ווען ער האָט געמאַכט פאַרן ווינט אַ וואָג,
און וואַסערן מאַרקירט מיט אַ מאָס,
26 ווען ער האָט געמאַכט פאַרן רעגן אַ געזעץ,
און אַ וועג פאַרן דונערגעוויטער,
27 דעמאָלט האָט ער זי געזען און זי באַרעכנט,
זי אויפגעשטעלט און אויך זי אויסגעפאָרשט.

כח וְגַם־חֲקָרָהּ׃ וַיֹּאמֶר ׀ לָאָדָם הֵן יִרְאַת אֲדֹנָי הִיא חָכְמָה
וְסוּר מֵרָע בִּינָה׃

כט

א ב וַיֹּסֶף אִיּוֹב שְׂאֵת מְשָׁלוֹ וַיֹּאמַר׃ מִי־יִתְּנֵנִי כְיַרְחֵי־קֶדֶם
ג כִּימֵי אֱלוֹהַּ יִשְׁמְרֵנִי׃ בְּהִלּוֹ נֵרוֹ עֲלֵי רֹאשִׁי לְאוֹרוֹ אֵלֶךְ
ד חֹשֶׁךְ׃ כַּאֲשֶׁר הָיִיתִי בִּימֵי חָרְפִּי בְּסוֹד אֱלוֹהַּ עֲלֵי אָהֳלִי׃
ה ו בְּעוֹד שַׁדַּי עִמָּדִי סְבִיבוֹתַי נְעָרָי׃ בִּרְחֹץ הֲלִיכַי בְּחֵמָה
ז וְצוּר יָצוּק עִמָּדִי פַּלְגֵי־שָׁמֶן׃ בְּצֵאתִי שַׁעַר עֲלֵי־קָרֶת
ח בָּרְחוֹב אָכִין מוֹשָׁבִי׃ רָאוּנִי נְעָרִים וְנֶחְבָּאוּ וִישִׁישִׁים קָמוּ
ט י עָמָדוּ׃ שָׂרִים עָצְרוּ בְמִלִּים וְכַף יָשִׂימוּ לְפִיהֶם׃ קוֹל־
יא נְגִידִים נֶחְבָּאוּ וּלְשׁוֹנָם לְחִכָּם דָּבֵקָה׃ כִּי אֹזֶן שָׁמְעָה
יב וַתְּאַשְּׁרֵנִי וְעַיִן רָאֲתָה וַתְּעִידֵנִי׃ כִּי־אֲמַלֵּט עָנִי מְשַׁוֵּעַ וְיָתוֹם
יג וְלֹא־עֹזֵר לוֹ׃ בִּרְכַּת אֹבֵד עָלַי תָּבֹא וְלֵב אַלְמָנָה אַרְנִן׃
יד טו צֶדֶק לָבַשְׁתִּי וַיִּלְבָּשֵׁנִי כִּמְעִיל וְצָנִיף מִשְׁפָּטִי׃ עֵינַיִם
טז הָיִיתִי לַעִוֵּר וְרַגְלַיִם לַפִּסֵּחַ אָנִי׃ אָב אָנֹכִי לָאֶבְיוֹנִים
יז וְרִב לֹא־יָדַעְתִּי אֶחְקְרֵהוּ׃ וָאֲשַׁבְּרָה מְתַלְּעוֹת עַוָּל וּמִשִּׁנָּיו
יח אַשְׁלִיךְ טָרֶף׃ וָאֹמַר עִם־קִנִּי אֶגְוָע וְכַחוֹל אַרְבֶּה יָמִים׃
יט כ שָׁרְשִׁי פָתוּחַ אֱלֵי־מָיִם וְטַל יָלִין בִּקְצִירִי׃ כְּבוֹדִי חָדָשׁ
כא עִמָּדִי וְקַשְׁתִּי בְּיָדִי תַחֲלִיף׃ לִי־שָׁמְעוּ וְיִחֵלּוּ וְיִדְּמוּ לְמוֹ
כב כג עֲצָתִי׃ אַחֲרֵי דְבָרִי לֹא יִשְׁנוּ וְעָלֵימוֹ תִּטֹּף מִלָּתִי׃ וְיִחֲלוּ
כד כַמָּטָר לִי וּפִיהֶם פָּעֲרוּ לְמַלְקוֹשׁ׃ אֶשְׂחַק אֲלֵהֶם וְלֹא
כה יַאֲמִינוּ וְאוֹר פָּנַי לֹא יַפִּילוּן׃ אֶבְחַר דַּרְכָּם וְאֵשֵׁב רֹאשׁ
וְאֶשְׁכּוֹן כְּמֶלֶךְ בַּגְּדוּד כַּאֲשֶׁר אֲבֵלִים יְנַחֵם׃

ל

א וְעַתָּה ׀ שָׂחֲקוּ עָלַי צְעִירִים מִמֶּנִּי לְיָמִים אֲשֶׁר־מָאַסְתִּי
ב אֲבוֹתָם לָשִׁית עִם־כַּלְבֵי צֹאנִי׃ גַּם־כֹּחַ יְדֵיהֶם לָמָּה לִּי
ג עָלֵימוֹ אָבַד כָּלַח׃ בְּחֶסֶר וּבְכָפָן גַּלְמוּד הַעֹרְקִים צִיָּה

כ ט, יח׳ לנהרדעי וכחול בשורק כא׳ הל׳ דגושה כד׳ ס״א לא

28 און ער האָט געזאָגט צום מענטשן:
זע, מורא פאַר גאָט דאָס איז חכמה,
און זיך אָפּקערן פון שלעכטס איז פאַרשטאַנדיקייט.

כט

1 און איוב האָט ווידער אויפגעהויבן זיין גערייד,
און האָט געזאָגט:
2 ווער מאַכט מיך אַזוי ווי אין די חדשים פון אַמאָל,
ווי אין די טעג וואָס גאָט האָט מיך אָפּגעהיט!
3 ווען זיין ליכט האָט געשיינט איבער מיין קאָפּ,
ווען פאַר זיין שיין פלעג איך גיין אין דער פינצטער.
4 אַזוי ווי איך בין געווען אין די טעג פון מיין יוגנט,
ווען די פאַרטרויטקייט פון גאָט איז געווען אויף מיין
געצעלט;
5 ווען דער אַלמאַכטיקער איז נאָך געווען מיט מיר;
רונד אַרום מיר מיינע קינדער.
6 ווען מיינע טריט האָבן זיך געבאָדן אין שמאַנט,
און דער פעלז האָט געגאָסן ביי מיר בעכן מיט אייל.
7 אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען צום טויער אין שטאָט,
אויפגעשטעלט אין מאַרק מיין זיץ,
8 האָבן יונגעלייט געזען און זיך באַהאַלטן,
און גרייזן האָבן זיך אויפגעהויבן און געשטאַנען.
9 האַרן האָבן זיך אַיינגעהאַלטן פון ווערטער,
און די האַנט פלעגן זיי אַרויפטאָן אויף זייער מויל.
10 דער קָול פון גרויסע לייט האָט זיך באַהאַלטן,
און זייער צונג האָט זיך צוגעקלעפּט צו זייער גומען.
11 וואָרום ווו אַן אויער האָט געהערט, האָט מיך געלויבט,
און ווו אַן אויג האָט געזען, האָט מיר צוגעשטימט.
12 ווייל איך פלעג ראַטעווען דעם אָרימאַן וואָס האָט
געשריען,
און דעם יתום וואָס האָט ניט קיין העלפער.
13 די ברכה פון דעם אומגליקלעכן פלעגט קומען אויף
מיר,
און דאָס האַרץ פון דער אַלמנה פלעג איך דערפרייען.
14 איך האָב אָנגעטאָן רעכטפאַרטיקייט, און זי האָט מיך
אָנגעטאָן,
ווי אַ מאַנטל און אַ הויב איז געווען מיין גערעכטיקייט.
15 אויגן בין איך געווען פאַרן בלינדן,
און פיס פאַרן הינקעדיקן בין איך געווען.
16 איך בין געווען אַ פאָטער פאַר די באַדערפטיקע,
און דעם משפט פון דעם וואָס איך האָב ניט געקענט,
פלעג איך אויספאָרשן.
17 און איך האָב צעבראָכן די באַקציין פון דעם פאַר־
ברעכער,
און פון זיינע ציינער אַרויסגעוואָרפן דעם רויב.
18 און איך האָב געזאָגט: ביי מיין נעסט וועל איך
פאַרגיין,
און ווי דער פעניקספויגל וועל איך מערן טעג.
19 מיין וואָרצל וועט זיין אָפן צום וואַסער,
און דער טוי וועט נעכטיקן אויף מיין צווייג.
20 מיין כבוד וועט בלייבן פריש ביי מיר,
און מיין בויגן וועט אין מיין האַנט זיך באַנייען.

21 צו מיר האָט מען זיך צוגעהערט און געוואַרט,
און מע פלעגט האַרן אויף מיין עצה.
22 נאָך מיין זאָג פלעגט מען מער ניט רעדן,
און אויף זיי פלעגט טריפן מיין וואָרט.
23 און זיי האָבן געוואַרט ווי אויף רעגן אויף מיר,
און אויפגעשפאַרט זייער מויל ווי אויף שפּעטרעגן.
24 אַז איך פלעג לאַכן צו זיי, פלעגט זיך זיי ניט
גלויבן;
און דאָס ליכט פון מיין פנים פלעגן זיי ניט מינערן.
25 איך פלעג אויסקלייבן זייער וועג,
און פלעג זיצן אויבנאָן,
און רוען ווי אַ מלך צווישן חיל,
ווי דער וואָס טוט טרויערער טרייסטן.

ל

1 און אַצונד לאַכן פון מיר יינגערע פון מיר אין טעג,
וואָס איך האָב מיך געמיאוסט צו שטעלן זייערע
פאָטערס
מיט די הינט פון מיינע שאָף—
2 יאָ, צו וואָס מיר דער כּוח פון זייערע הענט?
זייער פרישקייט איז געווען פאַרלאָרן—
3 די וואָס זיינען פון נויט און הונגער איינגעדאַרט,

ד אמש שואה ומשאה׃ הקטפים מלוח עלי־שיח ושרש
ה ו רתמים לחמם׃ מן־גו יגרשו יריעו עלימו כגנב׃ בערוץ
ז נחלים לשכן חרי עפר וכפים׃ בין־שיחים ינהקו תחת
ח חרול יספחו׃ בני־נבל גם־בני בלי־שם נכאו מן־הארץ׃
ט י ועתה נגינתם הייתי ואהי להם למלה׃ תעבוני רחקו
יא מני ומפני לא־חשכו רק׃ כי־יתרו פתח ויענני ורסן
יב מפני שלחו׃ על־ימין פרחח יקומו רגלי שלחו ויסלו
יג עלי ארחות אידם׃ נתסו נתיבתי להותי יעילו לא עזר
יד טו למו׃ כפרץ רחב יאתיו תחת שאה התגלגלו׃ ההפך
עלי בלהות תרדף כרוח נדבתי וכעב עברה ישעתי׃
טז יז ועתה עלי תשתפך נפשי יאחזוני ימי־עני׃ לילה עצמי
יח נקר מעלי וערקי לא ישכבון׃ ברב־כח יתחפש לבושי
יט כפי כתנתי יאזרני׃ הרני לחמר ואתמשל כעפר ואפר׃
כ כא אשוע אליך ולא תענני עמדתי ותתבנן בי׃ תהפך
כב לאכזר לי בעצם ידך תשטמני׃ תשאני אל־רוח תרכיבני
כג ותמגגני תשוה׃ כי־ידעתי מות תשיבני ובית מועד לכל־
כד כה חי׃ אך לא־בעי ישלח־יד אם־בפידו להן שוע׃ אם־
כו לא בכיתי לקשה־יום עגמה נפשי לאביון׃ כי טוב קויתי
כז ויבא רע ואיחלה לאור ויבא אפל׃ מעי רתחו ולא־דמו
כח קדמני ימי־עני׃ קדר הלכתי בלא חמה קמתי בקהל
כט ל אשוע׃ אח הייתי לתנים ורע לבנות יענה׃ עורי שחר
לא מעלי ועצמי־חרה מני־חרב׃ ויהי לאבל כנרי ועגבי
לקול בכים׃

## לא

א ב ברית כרתי לעיני ומה אתבונן על־בתולה׃ ומה ׀ חלק
ג אלוה ממעל ונחלת שדי ממרמים׃ הלא־איד לעול
ד ונכר לפעלי און׃ הלא־הוא יראה דרכי וכל־צעדי יספור׃

ל, ג׳ ס״א אֵ׳ יא׳ יתרו קרי יט׳ בס״א הֹרָני כב׳ תשוה קרי

וואָס נאָגן די טריקעניש אין פינצטערער וויסטקייט
און וויסטעניש.
4 די וואָס רייסן זאַלצקרייטעכץ מיט ווערמוט,
און וואָרצל פון בעזעמביימלעך זיך אָנצוואַרעמען.
5 פון צווישן מענטשן ווערן זיי פאַרטריבן,
מע שרייט אויף זיי ווי אויף אַ גנב.
6 אין מוראדיקע טאָלן מוזן זיי וווינען,
אין לעכער פון דער ערד און פעלזן.
7 צווישן דיביימלעך ברומען זיי,
אונטער אַ דאָרן זיינען זיי צונויפגענורעט.
8 געמיינע יונגען און יונגען אָן אַ נאָמען,
וואָס זיינען אויסגעשטויסן פון לאַנד.

9 און אַצונד בין איך זייער לידל געוואָרן,
און איך בין פאַר אַ ווערטל ביי זיי.
10 זיי פאַראומווערדיקן מיך, זיי דערווייטערן זיך פון מיר,
און זיי האַלטן זיך ניט אָפּ מיר אין פּנים צו שפּייען.
11 וואָרום מיין בויגנשטריק האָט ער לויז געמאַכט און
מיך געבויגן,
און זיי וואַרפן אַראָפּ די צאַם פאַר מיר.
12 אויף רעכטס שטעלט זיך אויף דאָס יונגוואַרג;
זיי שטויסן מיינע פיס,
און טרעטן אויס קעגן מיר זייערע וועגן פון אומגליק.
13 זיי האָבן צעריסן מיין שטעג,
זיי העלפן מיין בראָך;
קיין העלפער זאָל זיי ניט זיין!
14 ווי אַ ברייטער וואַסערבראָך קומען זיי,
מיט שטורעם קייקלען זיי זיך אַרויף.
15 שרעקענישן זיינען געקערט קעגן מיר,
זיי יאָגן ווי אַ ווינט מיין גדולה,
און ווי אַ וואָלקן איז אַוועק מיין הילף.
16 און אַצונד צעגיסט זיך אין מיר מיין זעל,
טעג פון פּיין האָבן מיך אָנגענומען.
17 די נאַכט בויערט מיינע ביינער פון מיר,
און מיינע אָדערן ליגן ניט איין.
18 פון גרויס שטאַרקייט [פון מיין קרענק] איז מיין מלבוש
פאַרביטן;
ווי דער קאָלנער פון מיין העמד גורט זי מיך אַרום.
19 ער האָט מיך געוואָרפן אין קויט,
און איך בין געגליכן צו שטויב און אַש.

20 איך שריי צו דיר, און דו ענטפערסט מיר ניט,
איך שטיי, און דו קוקסט מיך אָן.
21 ביסט פאַרקערט געוואָרן אין אַן אַכזר צו מיר,
מיט דער מאַכט פון דיין האַנט פיינטסטו מיך.
22 הייבסט מיך אויף אויפן ווינט, מאַכסט מיך רייטן
דערויף,
און מאַכסט צעגיין מיין קראַפט.
23 יאָ, איך ווייס, וועסט צום טויט מיך ברענגען,
און צום זאַמלהויז פון אַלע לעבעדיקע.
24 אָבער שטרעקט מען ניט אויס די האַנט פון אַ חורבה,
טאָמער וועט דערין זיין אַ הילף פאַרן בראָך?
25 צי האָב איך ניט געוויינט פאַרן שווער געדריקטן?
מיין זעל האָט דאָך געקומערט פאַרן אביון.
26 אָבער איך האָב געהאָפט אויף גוטס,
און שלעכטס איז געקומען;
און איך האָב געהאַרט אויף ליכט,
און פינצטערניש איז געקומען.
27 מיינע איינגעווייד קאָכן און רוען ניט;
טעג פון פּיין זיינען געקומען אויף מיר.
28 פינצטער גיי איך אום, אָן זון;
איך שטיי אויף אין אַ געזעמל און שריי.
29 איך בין געוואָרן אַ ברודער צו שאַקאַלן,
און אַ חבר צו שטרויספויגלען.
30 מיין הויט איז שוואַרץ געוואָרן אויף מיר,
און מיין געביין איז צעברענט פון היץ[א].
31 און געוואָרן צו טרויער איז מיין האַרף,
און מיין פלייט צו אַ קול פון געוויין.

## לא

1 אַ בונד האָב איך געשלאָסן מיט מיינע אויגן;
און וואָס זאָל איך קוקן אויף אַ יונגפרוי?
2 וואָרום וואָס איז דער חלק פון גאָט פון אויבן,
און די אַרב פון אַלמאַכטיקן פון דער הייך?
3 אויב ניט אַ בראָך פאַרן פאַרברעכער,
און אומגליק פאַר די טוער פון אומרעכט?
4 זעט ער דען ניט אַלע מיינע וועגן,
און ציילט אַלע מיינע טריט?

[א] וואָרטשפּיל: חָרָה מִנִּי־חֹרֶב.

ה ו אִם־הָלַכְתִּי עִם־שָׁוְא וַתַּחַשׁ עַל־מִרְמָה רַגְלִי׃ יִשְׁקְלֵנִי
ז בְמֹאזְנֵי־צֶדֶק וְיֵדַע אֱלוֹהַּ תֻּמָּתִי׃ אִם־תִּטֶּה אַשֻּׁרִי מִנִּי
ח הַדָּרֶךְ וְאַחַר עֵינַי הָלַךְ לִבִּי וּבְכַפַּי דָּבַק מאוּם׃ אֶזְרְעָה
ט וְאַחֵר יֹאכֵל וְצֶאֱצָאַי יְשֹׁרָשׁוּ׃ אִם־נִפְתָּה לִבִּי עַל־אִשָּׁה
י וְעַל־פֶּתַח רֵעִי אָרָבְתִּי׃ תִּטְחַן לְאַחֵר אִשְׁתִּי וְעָלֶיהָ יִכְרְעוּן
יא יב אֲחֵרִין׃ כִּי־הוּא זִמָּה וְהִיא עָוֹן פְּלִילִים׃ כִּי אֵשׁ הִיא
יג עַד־אֲבַדּוֹן תֹּאכֵל וּבְכָל־תְּבוּאָתִי תְשָׁרֵשׁ׃ אִם־אֶמְאַס
יד מִשְׁפַּט עַבְדִּי וַאֲמָתִי בְּרִבָם עִמָּדִי׃ וּמָה אֶעֱשֶׂה כִּי־יָקוּם
טו אֵל וְכִי־יִפְקֹד מָה אֲשִׁיבֶנּוּ׃ הֲלֹא־בַבֶּטֶן עֹשֵׂנִי עָשָׂהוּ
טז וַיְכֻנֶנּוּ בָּרֶחֶם אֶחָד׃ אִם־אֶמְנַע מֵחֵפֶץ דַּלִּים וְעֵינֵי אַלְמָנָה
יז יח אֲכַלֶּה׃ וְאֹכַל פִּתִּי לְבַדִּי וְלֹא־אָכַל יָתוֹם מִמֶּנָּה׃ כִּי
יט מִנְּעוּרַי גְּדֵלַנִי כְאָב וּמִבֶּטֶן אִמִּי אַנְחֶנָּה׃ אִם־אֶרְאֶה אוֹבֵד
כ מִבְּלִי לְבוּשׁ וְאֵין כְּסוּת לָאֶבְיוֹן׃ אִם־לֹא בֵרְכוּנִי חֲלָצָו
כא וּמִגֵּז כְּבָשַׂי יִתְחַמָּם׃ אִם־הֲנִיפוֹתִי עַל־יָתוֹם יָדִי כִּי־אֶרְאֶה
כב בַשַּׁעַר עֶזְרָתִי׃ כְּתֵפִי מִשִּׁכְמָה תִפּוֹל וְאֶזְרֹעִי מִקָּנָה
כג כד תִשָּׁבֵר׃ כִּי פַחַד אֵלַי אֵיד אֵל וּמִשְּׂאֵתוֹ לֹא אוּכָל׃ אִם־
כה שַׂמְתִּי זָהָב כִּסְלִי וְלַכֶּתֶם אָמַרְתִּי מִבְטַחִי׃ אִם־אֶשְׂמַח
כו כִּי־רַב חֵילִי וְכִי־כַבִּיר מָצְאָה יָדִי׃ אִם־אֶרְאֶה אוֹר כִּי
כז יָהֵל וְיָרֵחַ יָקָר הֹלֵךְ׃ וַיִּפְתְּ בַּסֵּתֶר לִבִּי וַתִּשַּׁק יָדִי לְפִי׃
כח כט גַּם־הוּא עָוֹן פְּלִילִי כִּי־כִחַשְׁתִּי לָאֵל מִמָּעַל׃ אִם־אֶשְׂמַח
ל בְּפִיד מְשַׂנְאִי וְהִתְעֹרַרְתִּי כִּי־מְצָאוֹ רָע׃ וְלֹא־נָתַתִּי לַחֲטֹא
לא חִכִּי לִשְׁאֹל בְּאָלָה נַפְשׁוֹ׃ אִם־לֹא אָמְרוּ מְתֵי אָהֳלִי מִי־
לב יִתֵּן מִבְּשָׂרוֹ לֹא נִשְׂבָּע׃ בַּחוּץ לֹא־יָלִין גֵּר דְּלָתַי לָאֹרַח
לג לד אֶפְתָּח׃ אִם־כִּסִּיתִי כְאָדָם פְּשָׁעָי לִטְמוֹן בְּחֻבִּי עֲוֺנִי׃ כִּי
אֶעֱרוֹץ ׀ הָמוֹן רַבָּה וּבוּז־מִשְׁפָּחוֹת יְחִתֵּנִי וָאֶדֹּם לֹא אֵצֵא
לה פָתַח׃ מִי יִתֶּן־לִי ׀ שֹׁמֵעַ לִי הֶן־תָּוִי שַׁדַּי יַעֲנֵנִי וְסֵפֶר כָּתַב
לו אִישׁ רִיבִי׃ אִם־לֹא עַל־שִׁכְמִי אֶשָּׂאֶנּוּ אֶעֶנְדֶנּוּ עֲטָרוֹת לִי׃

ז׳ א נחה  יא׳ היא קרי  והוא קרי  טו׳ בס״א וַיְכֻנֶנּוּ  כ׳ חלציו קרי

5 אויב איך בין אומגעגאַנגען מיט ליגן,
און געאײַלט צו באַטרוג האָט מײַן פוס—
6 זאָל ער מיך וועגן אויף ריכטיקע וואָגשאָלן,
און גאָט וועט וויסן מײַן אומשולד—
7 אויב מײַן טריט האָט זיך אָפּגענייגט פון וועג,
און נאָך מײַנע אויגן איז געגאַנגען מײַן האַרץ,
און אין מײַנע הענט האָט זיך אָנגעקלעפּט אַ פלעק,
8 זאָל איך זייִען, און אַן אַנדערער זאָל עסן,
און מײַנע שפּראָצונגען זאָלן אויסגעוואָרצלט ווערן.

9 אויב מײַן האַרץ איז פאַרפירט געוואָרן נאָך אַ פרוי,
און איך האָב געלויערט בײַ דער טיר פון מײַן חבר,
10 זאָל מאָלן פאַר אַן אַנדערן מײַן ווײַב,
און אַנדערע זאָלן קניִען איבער איר.
11 וואָרום דאָס איז אַ שענדלעכקייט,
און דאָס איז אַ זינד צום פאַרמשפּטן.
12 וואָרום דאָס איז אַ פײַער וואָס פאַרצערט ביז אונטער־
גאַנג,
און מײַן גאַנצע תּבֿואה וואָלט עס אויסגעוואָרצלט.

13 אויב איך פלעג פאַראַכטן דאָס רעכט פון מײַן קנעכט
און מײַן דינסט
אין זייער קריג מיט מיר —
14 וואָס וואָלט איך דען געטאָן, אַז גאָט זאָל אויפשטיין?
און אַז ער וואָלט געמאָנט, וואָס וואָלט איך אים גע־
ענטפערט?
15 האָט ניט דער וואָס האָט מיך אין מוטערלײַב באַשאַפן,
אים באַשאַפן?
און דער אייגענער אים אין טראַכט געפורעמט?

16 אויב איך פלעג פאַרמײַדן דעם פאַרלאַנג פון די אָרימע,
און די אויגן פון דער אַלמנה לאָזן אויסגיין;
17 אָדער איך פלעג עסן מײַן ביסן אַליין,
און דער יתום האָט דערפון ניט געגעסן —
18 ניין, פון מײַן יוגנט אָן איז ער אויפגעוואַקסן בײַ מיר
ווי בײַ אַ פאָטער,
און פון מײַן מוטערלײַב אָן פלעג איך זי פירן.

19 אויב איך פלעג צוזען אַן אומגליקלעכן אָן אַ מלבוש,
און אָן אַ צודעק דעם אבֿיון;
20 אויב זײַנע לענדן האָבן מיך ניט געבענטשט,
ווײַל מיטן אָפּשער פון מײַנע שאָף פלעגט ער זיך דער־
וואַרעמען;
21 אויב איך האָב געהויבן אויף אַ יתום מײַן האַנט,
ווײַל איך פלעג זען מײַנע העלפער אין טויער,
22 זאָל מײַן אַקסל פון זײַן נאַקן אַראָפּפאַלן,
און מײַן אָרעם זאָל פון געלענק אויסגעבראָכן ווערן.
23 וואָרום דער בראָך פון גאָט איז געווען מײַן שרעק,
און פון וועגן זײַן גרויסקייט פלעג איך זיך ניט דערוועגן.

24 אויב איך האָב געמאַכט גאָלד מײַן האָפענונג,
און אויף גינגאָלד געזאָגט „מײַן ביטחון";
25 אויב איך פלעג זיך פרייען ווײַל מײַן פאַרמעג איז גרויס,
און ווײַל מײַן האַנט האָט דערגרייכט אַ סך;
26 אויב איך פלעג צוקוקן די זון ווי זי שײַנט,
אָדער די לבֿנה פראַכטיק גייענדיק,
27 און מײַן האַרץ איז פאַרפירט געוואָרן אין פאַר־
באָרגעניש,
און מײַן מויל האָט געקושט מײַן האַנט;
28 וואָלט דאָס אויך געווען אַ זינד צום פאַרמשפּטן,
וואָרום איך וואָלט געלייקנט אָן גאָט אין דער הייך.

29 אויב איך פלעג זיך פרייען אויף דעם בראָך פון מײַן
שונא,
און בין געוועזן אויפגעראַמט אַז אים האָט געטראָפן
בייז —
30 אַז איך האָב צומאָל ניט געלאָזט מײַן גומען זינדיקן,
צו בעטן אַ קללה אויף זײַן לעבן —
31 אויב די מענטשן פון מײַן געצעלט האָבן ניט געזאָגט:
ווער קען וויַזן איינעם וואָס האָט זיך ניט אָנגעזעטט מיט
פליייש בײַ אים? —
32 אויף דער גאַס פלעגט ניט נעכטיקן אַ פרעמדער,
מײַנע טירן צום וועג פלעג איך עפענען —
33 אויב איך האָב פאַרדעקט ווי אַ געוויינטלעכער מענטש
מײַנע פאַרברעכן,
צו באַהאַלטן אין מײַן בוזעם מײַן זינד,
34 ווײַל איך פלעג מורא האָבן פאַרן גרויסן המון,
און די פאַראַכטונג פון משפּחות פלעגט מיך שרעקן,
און איך האָב געשוויגן און בין פון טיר ניט אַרויס —

35 הלוואַי קריג איך ער זאָל מיר צוהערן!
אָט איז מײַן אונטערשריפט, זאָל דער אַלמאַכטיקער
מיר ענטפערן,
און אַ געשריפטס זאָל אָנשרײַבן מײַן בעל־דין.
36 פאַרוואָר, איך וועל עס אויף מײַן אַקסל טראָגן!
איך וועל עס מיר אָנבינדן אַזוי ווי אַ קרוין.

מִסְפַּר צְעָדַי אַגִּידֶנּוּ כְּמוֹ־נָגִיד אֲקָרְבֶנּוּ׃ אִם־עָלַי אַדְמָתִי לז לח
תִזְעָק וְיַחַד תְּלָמֶיהָ יִבְכָּיוּן׃ אִם־כֹּחָהּ אָכַלְתִּי בְלִי־כָסֶף לט
וְנֶפֶשׁ בְּעָלֶיהָ הִפָּחְתִּי׃ תַּחַת חִטָּה ׀ יֵצֵא חוֹחַ וְתַחַת־ מ
שְׂעֹרָה בָאְשָׁה תַּמּוּ דִּבְרֵי אִיּוֹב׃

לב

וַיִּשְׁבְּתוּ שְׁלֹשֶׁת הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה מֵעֲנוֹת אֶת־אִיּוֹב כִּי הוּא א
צַדִּיק בְּעֵינָיו׃ וַיִּחַר אַף ׀ אֱלִיהוּא בֶן־בַּרַכְאֵל הַבּוּזִי ב
מִמִּשְׁפַּחַת רָם בְּאִיּוֹב חָרָה אַפּוֹ עַל־צַדְּקוֹ נַפְשׁוֹ מֵאֱלֹהִים׃
וּבִשְׁלֹשֶׁת רֵעָיו חָרָה אַפּוֹ עַל אֲשֶׁר לֹא־מָצְאוּ מַעֲנֶה ג
וַיַּרְשִׁיעוּ אֶת־אִיּוֹב׃ וֶאֱלִיהוּ חִכָּה אֶת־אִיּוֹב בִּדְבָרִים כִּי ד
זְקֵנִים־הֵמָּה מִמֶּנּוּ לְיָמִים׃ וַיַּרְא אֱלִיהוּא כִּי אֵין מַעֲנֶה ה
בְּפִי שְׁלֹשֶׁת הָאֲנָשִׁים וַיִּחַר אַפּוֹ׃ וַיַּעַן ׀ אֱלִיהוּא בֶן־ ו
בַּרַכְאֵל הַבּוּזִי וַיֹּאמַר צָעִיר אֲנִי לְיָמִים וְאַתֶּם יְשִׁישִׁים עַל־
כֵּן זָחַלְתִּי וָאִירָא ׀ מֵחַוֹּת דֵּעִי אֶתְכֶם׃ אָמַרְתִּי יָמִים יְדַבֵּרוּ ז
וְרֹב שָׁנִים יֹדִיעוּ חָכְמָה׃ אָכֵן רוּחַ־הִיא בֶאֱנוֹשׁ וְנִשְׁמַת ח
שַׁדַּי תְּבִינֵם׃ לֹא־רַבִּים יֶחְכָּמוּ וּזְקֵנִים יָבִינוּ מִשְׁפָּט׃ ט
לָכֵן אָמַרְתִּי שִׁמְעָה־לִּי אֲחַוֶּה דֵעִי אַף־אָנִי׃ הֵן הוֹחַלְתִּי ׀ י יא
לְדִבְרֵיכֶם אָזִין עַד־תְּבוּנֹתֵיכֶם עַד־תַּחְקְרוּן מִלִּין׃ וְעָדֵיכֶם יב
אֶתְבּוֹנָן וְהִנֵּה אֵין לְאִיּוֹב מוֹכִיחַ עוֹנֶה אֲמָרָיו מִכֶּם׃ פֶּן יג
תֹּאמְרוּ מָצָאנוּ חָכְמָה אֵל יִדְּפֶנּוּ לֹא־אִישׁ׃ וְלֹא־עָרַךְ יד
אֵלַי מִלִּין וּבְאִמְרֵיכֶם לֹא אֲשִׁיבֶנּוּ׃ חַתּוּ לֹא־עָנוּ עוֹד טו
הֶעְתִּיקוּ מֵהֶם מִלִּים׃ וְהוֹחַלְתִּי כִּי־לֹא יְדַבֵּרוּ כִּי עָמְדוּ טז
לֹא עָנוּ עוֹד׃ אַעֲנֶה אַף־אֲנִי חֶלְקִי אֲחַוֶּה דֵעִי אַף־אָנִי׃ יז
כִּי מָלֵתִי מִלִּים הֱצִיקַתְנִי רוּחַ בִּטְנִי׃ הִנֵּה בִטְנִי כְּיַיִן לֹא־ יח יט
יִפָּתֵחַ כְּאֹבוֹת חֲדָשִׁים יִבָּקֵעַ׃ אֲדַבְּרָה וְיִרְוַח־לִי אֶפְתַּח כ
שְׂפָתַי וְאֶעֱנֶה׃ אַל־נָא אֶשָּׂא פְנֵי־אִישׁ וְאֶל־אָדָם לֹא אֲכַנֶּה׃ כא
כִּי לֹא יָדַעְתִּי אֲכַנֶּה כִּמְעַט יִשָּׂאֵנִי עֹשֵׂנִי׃ כב

לב,ב׳ בנ״א הב׳ כקמץ ג׳ תיקון סופרים יח׳ חסר א

37 די צאָל פון מיינע טריט וועל איך אים דערציילן;
אַזוי ווי אַ פירשט וועל איך צו אים גענענען.

38 אויב מיין ערד שרייט אויס קעגן מיר,
און אַלע אירע בייטן וויינען;
39 אויב איר קראַפט האָב איך געגעסן אָן געלט,
און די נשמה פון אירע אַרבעטער געלאָזט אויסהויכן,
40 זאָל אָנשטאָט ווייץ אויפגיין אַ דאָרן.
און אָנשטאָט גערשט ווילדגעוועקס.

געענדיקט די ווערטער פון איובן.

# לב

1 און דידאָזיקע דריי מענער האָבן אויפגעהערט ענטפערן איובן, ווייל ער איז געווען גערעכט אין זיינע אויגן.

2 האָט געגרימט דער צאָרן פון אֱליהוא דעם זון פון בַּרַכאֵל דעם בוזי פון דער משפחה רָם; אויף איובן האָט געגרימט זיין צאָרן פאַרוואָס ער מאַכט זיך גערעכטער פון גאָט, 3 און אויף זיינע דריי גוטע פריינט האָט געגרימט זיין צאָרן פאַרוואָס זיי האָבן ניט געפונען אַן ענטפער, פון דעסטוועגן האָבן זיי באַשולדיקט איובן. 4 און אֱליהוא האָט אָפּגעוואַרט מיט רייד אַקעגן איובן, ווייל זיי זיינען געווען עלטער פון אים אין טעג. 5 אָבער אַז אֱליהוא האָט געזען אַז קיין ענטפער איז ניטאָ אין מויל פון די דריי מענער האָט געגרימט זיין צאָרן.

6 און אֱליהוא דער זון פון בַּרַכאֵל דעם בוזי האָט זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט:
יינגער בין איך [פון אייך] אין טעג,
און איר זייט גרייזן,
דרום האָב איך מיך געשייט און מורא געהאַט
אייך אַרויסזאָגן מיין געדאַנק.
7 איך האָב געזאָגט: טעג זאָלן רעדן,
און פיל יאָרן זאָלן מאַכן וויסן חכמה.
8 אָבער עס איז דער גייסט אין מענטשן,
און דער אָטעם פון אַלמאַכטיקן וואָס מאַכט זיי
פאַרשטאַנדיק.
9 ניט די גרויסע זיינען חכמים,
און ניט די זקנים פאַרשטייען וואָס איז גערעכט.
10 דרום זאָג איך: הער מיר צו,
לאָמיך אויך אַרויסזאָגן מיין געדאַנק.

11 זעט, איך האָב אָפּגעוואַרט אויף אייערע רייד,
איך האָב צוגעהערט צו אייערע חכמות,
בעת איר האָט געזוכט ווערטער.
12 אָבער איך האָב זיך צוגעקוקט צו אייך,
ערשט ניטאָ ווער זאָל באַווייזן איובן,
ווער זאָל ענטפערן זיינע ווערטער, פון אייך.
13 אפשר וועט איר זאָגן: מיר האָבן אָנגעטראָפן
חכמה,
גאָט קען אים אָפּשלאָגן, ניט אַ מענטש;
14 אָבער ניט ער האָט אָנגעריכט צו מיר די ווערטער,
און ניט מיט אייערע רייד וועל איך אים ענטפערן.
15 זיי זיינען דערשראָקן, זיי ענטפערן מער ניט,
אָפּגענומען זיינען די ווערטער פון זיי.
16 און איך זאָל וואַרטן, ווייל זיי רעדן ניט,
ווייל זיי שטייען און ענטפערן מער ניט?
17 איך אויך וועל ענטפערן מיין חלק,
איך אויך וועל אַרויסזאָגן מיין געדאַנק.
18 וואָרום איך בין פול מיט ווערטער,
מיך דריקט דער גייסט פון מיין לייב.
19 זע, מיין לייב איז ווי וויין וואָס איז ניט געעפנט,
ווי נייע לאָגלען ווערט ער צעפּלאַצט.
20 איך וועל רעדן, און מיר וועט פרייער ווערן,
איך וועל עפענען מיינע ליפּן און ענטפערן.
21 לאָמיך נאָר ניט שוינען קיין מאַנס פנים,
און קיין מענטשן ניט חנפענען.
22 וואָרום איך ווייס ניט ווי צו חנפענען;
באַלד וואָלט מיך אַוועקגענומען מיין באַשעפער.

# לג

א וְאוּלָם שְׁמַע־נָא אִיּוֹב מִלָּי וְכָל־דְּבָרַי הַאֲזִינָה׃ הִנֵּה־נָא
ב
ג פָּתַחְתִּי פִי דִּבְּרָה לְשׁוֹנִי בְחִכִּי׃ יֹשֶׁר־לִבִּי אֲמָרָי וְדַעַת
ד שְׂפָתַי בָּרוּר מִלֵּלוּ׃ רוּחַ־אֵל עָשָׂתְנִי וְנִשְׁמַת שַׁדַּי תְּחַיֵּנִי׃
ה אִם־תּוּכַל הֲשִׁיבֵנִי עֶרְכָה לְפָנַי הִתְיַצָּבָה׃ הֶן־אֲנִי כְפִיךָ
ו
ז לָאֵל מֵחֹמֶר קֹרַצְתִּי גַם־אָנִי׃ הִנֵּה אֵמָתִי לֹא תְבַעֲתֶךָּ
ח וְאַכְפִּי עָלֶיךָ לֹא־יִכְבָּד׃ אַךְ אָמַרְתָּ בְאָזְנָי וְקוֹל מִלִּין
ט אֶשְׁמָע׃ זַךְ אֲנִי בְּלִי פָשַׁע חַף אָנֹכִי וְלֹא עָוֺן לִי׃ הֵן
י
יא תְּנוּאוֹת עָלַי יִמְצָא יַחְשְׁבֵנִי לְאוֹיֵב לוֹ׃ יָשֵׂם בַּסַּד רַגְלָי
יב יִשְׁמֹר כָּל־אָרְחֹתָי׃ הֶן־זֹאת לֹא־צָדַקְתָּ אֶעֱנֶךָּ כִּי־יִרְבֶּה
יג אֱלוֹהַּ מֵאֱנוֹשׁ׃ מַדּוּעַ אֵלָיו רִיבוֹתָ כִּי כָל־דְּבָרָיו לֹא־יַעֲנֶה׃
יד כִּי־בְאַחַת יְדַבֶּר־אֵל וּבִשְׁתַּיִם לֹא יְשׁוּרֶנָּה׃ בַּחֲלוֹם ׀ חֶזְיוֹן
טו
לַיְלָה בִּנְפֹל תַּרְדֵּמָה עַל־אֲנָשִׁים בִּתְנוּמוֹת עֲלֵי מִשְׁכָּב׃
טז אָז יִגְלֶה אֹזֶן אֲנָשִׁים וּבְמֹסָרָם יַחְתֹּם׃ לְהָסִיר אָדָם מַעֲשֶׂה
יז
יח וְגֵוָה מִגֶּבֶר יְכַסֶּה׃ יַחְשֹׂךְ נַפְשׁוֹ מִנִּי־שָׁחַת וְחַיָּתוֹ מֵעֲבֹר
יט בַּשָּׁלַח׃ וְהוּכַח בְּמַכְאוֹב עַל־מִשְׁכָּבוֹ וְרִיב עֲצָמָיו אֵתָן׃
כ
כא וְזִהֲמַתּוּ חַיָּתוֹ לָחֶם וְנַפְשׁוֹ מַאֲכַל תַּאֲוָה׃ יִכֶל בְּשָׂרוֹ מֵרֹאִי
כב וְשֻׁפִּי עַצְמוֹתָיו לֹא רֻאּוּ׃ וַתִּקְרַב לַשַּׁחַת נַפְשׁוֹ וְחַיָּתוֹ
כג לַמְמִתִים׃ אִם־יֵשׁ עָלָיו ׀ מַלְאָךְ מֵלִיץ אֶחָד מִנִּי־אָלֶף
כד לְהַגִּיד לְאָדָם יָשְׁרוֹ׃ וַיְחֻנֶּנּוּ וַיֹּאמֶר פְּדָעֵהוּ מֵרֶדֶת שַׁחַת
כה מָצָאתִי כֹפֶר׃ רֻטֲפַשׁ בְּשָׂרוֹ מִנֹּעַר יָשׁוּב לִימֵי עֲלוּמָיו׃
כו יֶעְתַּר אֶל־אֱלוֹהַּ ׀ וַיִּרְצֵהוּ וַיַּרְא פָּנָיו בִּתְרוּעָה וַיָּשֶׁב
כז לֶאֱנוֹשׁ צִדְקָתוֹ׃ יָשֹׁר ׀ עַל־אֲנָשִׁים וַיֹּאמֶר חָטָאתִי וְיָשָׁר
כח הֶעֱוֵיתִי וְלֹא־שָׁוָה לִי׃ פָּדָה נַפְשִׁי מֵעֲבֹר בַּשָּׁחַת וְחַיָּתִי
כט בָּאוֹר תִּרְאֶה׃ הֶן־כָּל־אֵלֶּה יִפְעַל־אֵל פַּעֲמַיִם שָׁלוֹשׁ עִם־
ל
לא גָּבֶר׃ לְהָשִׁיב נַפְשׁוֹ מִנִּי־שָׁחַת לֵאוֹר בְּאוֹר הַחַיִּים׃ הַקְשֵׁב
לב אִיּוֹב שְׁמַע־לִי הַחֲרֵשׁ וְאָנֹכִי אֲדַבֵּר׃ אִם־יֵשׁ־מִלִּין הֲשִׁיבֵנִי

ט׳ ח׳ זעירא   יט׳ וריב קרי   כא׳ ושפו קרי   א׳ דגושה
כח׳ נפשו קרי   וחיתו קרי

לג
1 אָבער הער אַקאָרשט, איוב, מיינע רייד,
און אַלע מיינע ווערטער פאַרנעם.
2 זע נאָר, איך האָב געעפנט מיין מויל,
מיין צונג רעדט אין מיין גומען.
3 אויפריכטיק פון מיין האַרצן זיינען מיינע ווערטער,
און וואָס מיינע ליפן וויסן, זאָגן זיי קלאָר.
4 דער גייסט פון גאָט האָט מיך געמאַכט,
און דער אָטעם פון אַלמאַכטיקן האַלט מיך ביים
לעבן.
5 אויב דו קענסט, ענטפער מיר,
ברייט דיך אָן קעגן מיר, שטעל זיך אַוועק.
6 זע, איך בין אַזוי ווי דו ביי גאָט,
איך אויך בין פון ליים געפורעמט געוואָרן.
7 זע, מיין אימה שרעקט דיך ניט,
און מיין לאַסט דריקט ניט אויף דיר.

8 יאָ, האָסט געזאָגט אין מיינע אויערן,
און דעם קָול פון די ווערטער האָב איך געהערט:
9 ריין בין איך, אָן אַ פאַרברעך,
לויטער בין איך, און האָב ניט קיין זינד:
10 זע, בלבולים געפינט ער אויף מיר,
ער רעכנט מיך פאַר זיין שׂונא;
11 ער טוט אַריין אין אַ קלאָץ מיינע פיס,
ער היט אַלע מיינע שטעגן.

12 אָט אין דעם ביסטו ניט גערעכט, וועל איך דיר
ענטפערן,
וואָרום גאָט איז גרעסער פון מענטשן.
13 פאַרוואָס קריגסטו זיך מיט אים,
וואָס ער פאַרענטפערט ניט אַלע זיינע מעשׂים?
14 וואָרום אויף איין שטייגער רעדט גאָט,
און אויף צוויי, הגם מע מערקט עס ניט.
15 אין אַ חלום, אַ זעאונג פון דער נאַכט,
ווען אַ טיפער שלאָף פאַלט אויף מענטשן,
אין שלומער אויפן געלעגער,
16 דענסמאָל אַנטפלעקט ער דעם אויער פון מענטשן,
און פאַרחתמעט מיט אַ מוסר צו זיי,
17 כדי דער מענטש זאָל אַוועקוואַרפן זיין טאָן;
און ער באַשירעמט פון האָפערדיקייט דעם מאַן.
18 ער פאַרמיידט זיין זעל פון גרוב,
און זיין לעבן פון אומקומען דורכן שווערד.
19 אָדער ער ווערט געשטראָפט מיט ווייטאָק אויף זיין
געלעגער,
און אַלע זיינע ביינער ווערן שטייף.
20 און זיין לעבן מאַכט אים זיך עקלען מיט ברויט,
און זיין זעל מיטן גלוסטיקסטן מאכל.
21 אָפּגעצערט ווערט זיין פלייש פון פנים,
און אַיינגעדאַרט זיינע ביינער, ניט אָנצוקוקן.
22 און זיין זעל גענענט צו דער גרוב,
און זיין לעבן צו די טייטער.
23 אויב עס איז דאָ פאַר אים אַ מלאך,
אַ מליץ־יושר איינער פון טויזנט,
צו זאָגן אויפן מענטשן זיין רעכטפאַרטיקייט,
24 לייטזעליקט ער אים, און זאָגט:
לייז אים אויס פון נידערן אין גרוב;
איך האָב געפונען אַן אויסלייז.
25 זיין לייב ווערט פרישער ווי ייִנגלווייז,
ער קערט זיך אום צו די טעג פון זיין יוגנט.
26 ער בעט צו גאָט, און ער באַוויליקט אים,
און ער זעט זיין פנים מיט לייטזעליקייט,
און קערט אום דעם מענטשן זיין גערעכטיקייט.
27 ער קומט פאַר מענטשן און זאָגט:
איך האָב געזינדיקט, און וואָס איז רעכט האָב איך
פאַרדרייט,
און עס האָט מיר ניט געלוינט.
28 אַזוי לייזט ער אויס זיין זעל פון גיין אין גרוב,
און זיין לעבן זעט די ליכטיקייט.

29 זע, דאָס אַלץ טוט גאָט,
צוויי מאָל, דריי מאָל, מיט אַ מענטשן,
30 כדי אומצוקערן זיין זעל פון גרוב,
דערלוכטן צו ווערן אין ליכט פון לעבן.

31 פאַרנעם, איוב, הער מיר צו;
שווייג, און איך וועל רעדן.
32 אויב דו האָסט ווערטער, ענטפער מיר,

דַּבֵּר כִּי־חָפַצְתִּי צַדְּקֶךָּ׃ אִם־אַיִן אַתָּה שְׁמַע־לִי הַחֲרֵשׁ לג
וַאֲאַלֶּפְךָ חָכְמָה׃

לד

וַיַּעַן אֱלִיהוּא וַיֹּאמַר׃ שִׁמְעוּ חֲכָמִים מִלָּי וְיֹדְעִים הַאֲזִינוּ א ב
לִי׃ כִּי־אֹזֶן מִלִּין תִּבְחָן וְחֵךְ יִטְעַם לֶאֱכֹל׃ מִשְׁפָּט נִבְחֲרָה־ ג ד
לָּנוּ נֵדְעָה בֵינֵינוּ מַה־טּוֹב׃ כִּי־אָמַר אִיּוֹב צָדַקְתִּי וְאֵל ה
הֵסִיר מִשְׁפָּטִי׃ עַל־מִשְׁפָּטִי אֲכַזֵּב אָנוּשׁ חִצִּי בְלִי־פָשַׁע׃ ו
מִי־גֶבֶר כְּאִיּוֹב יִשְׁתֶּה־לַּעַג כַּמָּיִם׃ וְאָרַח לְחֶבְרָה עִם־ ז ח
פֹּעֲלֵי אָוֶן וְלָלֶכֶת עִם־אַנְשֵׁי־רֶשַׁע׃ כִּי־אָמַר לֹא יִסְכָּן־ ט
גָּבֶר בִּרְצֹתוֹ עִם־אֱלֹהִים׃ לָכֵן ׀ אַנְשֵׁי לֵבָב שִׁמְעוּ לִי חָלִלָה י
לָאֵל מֵרֶשַׁע וְשַׁדַּי מֵעָוֶל׃ כִּי פֹעַל אָדָם יְשַׁלֶּם־לוֹ וּכְאֹרַח יא
אִישׁ יַמְצִאֶנּוּ׃ אַף־אָמְנָם אֵל לֹא־יַרְשִׁיעַ וְשַׁדַּי לֹא־יְעַוֵּת יב
מִשְׁפָּט׃ מִי־פָקַד עָלָיו אָרְצָה וּמִי שָׂם תֵּבֵל כֻּלָּהּ׃ אִם־ יג יד
יָשִׂים אֵלָיו לִבּוֹ רוּחוֹ וְנִשְׁמָתוֹ אֵלָיו יֶאֱסֹף׃ יִגְוַע כָּל־בָּשָׂר טו
יַחַד וְאָדָם עַל־עָפָר יָשׁוּב׃ וְאִם־בִּינָה שִׁמְעָה־זֹּאת הַאֲזִינָה טז
לְקוֹל מִלָּי׃ הַאַף שׂוֹנֵא מִשְׁפָּט יַחֲבוֹשׁ וְאִם־צַדִּיק כַּבִּיר יז
תַּרְשִׁיעַ׃ הַאֹמַר לְמֶלֶךְ בְּלִיָּעַל רָשָׁע אֶל־נְדִיבִים׃ אֲשֶׁר יח יט
לֹא־נָשָׂא ׀ פְּנֵי שָׂרִים וְלֹא נִכַּר־שׁוֹעַ לִפְנֵי־דָל כִּי־מַעֲשֵׂה
יָדָיו כֻּלָּם׃ רֶגַע ׀ יָמֻתוּ וַחֲצוֹת לָיְלָה יְגֹעֲשׁוּ עָם וְיַעֲבֹרוּ כ
וְיָסִירוּ אַבִּיר לֹא בְיָד׃ כִּי־עֵינָיו עַל־דַּרְכֵי־אִישׁ וְכָל־צְעָדָיו כא
יִרְאֶה׃ אֵין־חֹשֶׁךְ וְאֵין צַלְמָוֶת לְהִסָּתֶר שָׁם פֹּעֲלֵי אָוֶן׃ כב
כִּי לֹא עַל־אִישׁ יָשִׂים עוֹד לַהֲלֹךְ אֶל־אֵל בַּמִּשְׁפָּט׃ יָרֹעַ כג כד
כַּבִּירִים לֹא־חֵקֶר וַיַּעֲמֵד אֲחֵרִים תַּחְתָּם׃ לָכֵן יַכִּיר כה
מַעְבָּדֵיהֶם וְהָפַךְ לַיְלָה וְיִדַּכָּאוּ׃ תַּחַת־רְשָׁעִים סְפָקָם כו
בִּמְקוֹם רֹאִים׃ אֲשֶׁר עַל־כֵּן סָרוּ מֵאַחֲרָיו וְכָל־דְּרָכָיו לֹא כז
הִשְׂכִּילוּ׃ לְהָבִיא עָלָיו צַעֲקַת־דָּל וְצַעֲקַת עֲנִיִּים יִשְׁמָע׃ כח
וְהוּא יַשְׁקִט ׀ וּמִי יַרְשִׁעַ וְיַסְתֵּר פָּנִים וּמִי יְשׁוּרֶנּוּ וְעַל־גּוֹי כט

לד, ה׳ פתח באתנח   יד׳ למדנחאי ישיב כתיב ישים קרי

רעד, וואָרום איך וועל דיך גערעכט מאַכן.
33 אויב ניט, הער דו מיר צו;
שוויג, און איך וועל דיך לערנען חכמה.

## לד

1 און אֶליהוא האָט זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט:
2 הערט, חכמים, מיינע ווערטער,
און איר קענער, לייגט צו דאָס אויער צו מיר.
3 וואָרום דאָס אויער דאַרף פּרווון ווערטער,
אַזוי ווי דער גומען פאַרזוכט עסן.
4 לאָמיר אונדז אויסוויילן דאָס גערעכטע,
לאָמיר געוואָר ווערן צווישן אונדז וואָס איז גוט.
5 וואָרום איוב זאָגט: איך בין גערעכט,
נאָר גאָט האָט אָפּגעטאָן מיין רעכט;
6 ביי מיין גערעכטיקייט וועל איך געהאַלטן פאַר אַ ליגנער,
מסוכן איז מיין ווונד, אָן אַ פאַרברעך.
7 וואָסער מענטש ווי איוב
טרינקט געשפּעט אַזוי ווי וואַסער,
8 און פירט זיך אין חברותא מיט טוער פון אומרעכט,
און גייט אום מיט שלעכטע לייט?
9 וואָרום ער זאָגט: דעם מענטשן קומט גאָרניט אַרויס
ווען ער זוכט ווילגעפעלן גאָט.
10 דרום, לייט מיט פאַרשטאַנדיקייט, הערט מיר צו:
ווייט איז גאָט פון אומרעכט,
און דער אַלמאַכטיקער פון אַן עוולה.
11 נאָר די טואונג פון מענטשן באַצאָלט ער אים,
און לויט איטלעכנס וועג שיקט ער אים צו.
12 יאָ פאַרוואָר, גאָט טוט ניט קיין אומרעכט,
און דער אַלמאַכטיקער פאַרדרייט ניט גערעכטיקייט.
13 ווער האָט אים באַפוילן איבער דער ערד?
און ווער האָט געמאַכט די וועלט אין גאַנצן?
14 אַז ער זאָל קערן זיין האַרץ אויף אים,
אַז ער זאָל זיין הויך און זיין אָטעם איינזאַמלען צו זיך,
15 וואָלט פאַרגיין יעטוועדער לייב אין איינעם,
און דער מענטש וואָלט צו שטויב זיך אומקערן.
16 און אויב דו האָסט פאַרשטאַנדיקייט, הער דאָס צו;
פאַרנעם דעם קָול פון מיינע ווערטער.
17 צי קען גאָר אַ פיינט פון גערעכטיקייט הערשן?
אָדער ווילסטו דעם מאַכטיקן גערעכטן באַשולדיקן?–
18 קען מען זאָגן צו אַ מלך „נידערטרעכטיקער"?
„רשע" צו פירשטן?–
19 דעם וואָס שאַנעוועט ניט דעם פנים פון האַרן,
און אַכט ניט אויפן רייכן מער ווי אויפן אָרימאַן,
ווייל דאָס ווערק פון זיינע הענט זיינען זיי אַלע.
20 אין אַ רגע שטאַרבן זיי, אין האַלבע נאַכט;
לייט ווערן צעטרייסלט און פאַרגייען,
און מע טוט אָפּ דעם מאַכטיקן ווי ניט מיט דער האַנט.
21 וואָרום זיינע אויגן זיינען אויף די וועגן פון דעם מענטשן,
און אַלע זיינע טריט זעט ער.
22 ניטאָ קיין פינצטערניש און קיין טויטשאָטן,
פאַר די טוער פון אומרעכט זיך דאָרטן צו פאַרבאָרגן.
23 וואָרום ער מאַכט ניט דעם מענטשן אַ צייט,
צו קומען פאַר גאָט צום משפט.
24 ער צעברעכט מאַכטיקע אָן אַן אויספאָרשונג,
און שטעלט אויף אַנדערע אָנשטאָט זיי.
25 פאַרוואָר, ער קען זייערע מעשים,
דרום מאַכט ער אַן איבערקער איבער נאַכט, און זיי ווערן צעדריקט.
26 ווייל זיי זיינען רשעים, שלאָגט ער זיי,
אין אַן אָרט וווּ מע זעט.
27 דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פון אים,
און אויף אַלע זיינע וועגן ניט געאַכט.
28 זיי האָבן געמאַכט קומען צו אים דאָס געשריי פון דעם אָרימאַן,
און דאָס געשריי פון די געדריקטע פלעגט ער הערן.–
29 אָבער אַז ער שווייגט, ווער קען אים באַשולדיקן?
און פאַרבאָרגט ער דעם פנים, ווער קען אים וועלן זען?

סיי בײַ אַ פאָלק סיי בײַ אַ מענטשן אַלץ איינס.—
30 כּדי דער זינדיקער מענטש זאָל ניט קיניגן,
כּדי קיין שטרויכלונגען זאָלן ניט זײַן פאַרן פאָלק.

31 וואָרום האָט ער[א] דען צו גאָט געזאָגט:
„איך האָב געליטן, איך וועל מער ניט שלעכטס טאָן;
32 איך זע ניט, לערן דו מיך;
אויב איך האָב געטאָן אומרעכט, וועל איך מער ניט טאָן"?
33 זאָל ער פאַרגעלטן אַזוי ווי דיר קומט אויס:
„אויב דיר געפעלט ניט, טאָ קלייב דו אויס, און ניט איך"?
און וואָס ווייסטו צו רעדן?
34 לײַט מיט פאַרשטאַנדיקייט וועלן מיר זאָגן,
און דער קלוגער מאַן וואָס וועט מיר צוהערן:
35 איוב רעדט אָן אַ זינען,
און זײַנע רייד זײַנען אָן שׂכל.
36 איך ווינטש איוב זאָל אייביק געפּרווט ווערן,
פאַר ענטפערן אַזוי ווי זינדיקע לײַט.
37 וואָרום ער לייגט נאָך צו ווידערשפעניקייט צו זײַן חטא;
ער פאַטשט זײַנע הענט צווישן אונדז,
און מערט זײַנע רייד קעגן גאָט.

## לה

1 און אֱליהוא האָט זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט:
2 רעכנסטו דאָס פאַר רעכט,
אַז דו זאָגסט: איך בין גערעכטער פון גאָט?
3 ווען דו זאָגסט: וואָס קומט דיר אַרויס?
„וואָסער נוץ האָב איך דערפון מער ווי פון מײַן זינדיקן?"
4 וועל איך דיר ענטפערן ווערטער,
און דײַנע חברים מיט דיר.
5 קוק צו די הימלען, און זע,
און קוק אויף די וואָלקנס וואָס זײַנען הויך איבער דיר.
6 אַז דו זינדיקסט, וואָס ווירקסטו אויף אים?
און זײַנען פיל דײַנע פאַרברעכן, וואָס טוסטו אים?
7 אַז דו ביסט גערעכט, וואָס גיסטו אים?
אָדער וואָס נעמט ער פון דײַן האַנט?
8 אַ מאַן ווי דו גייט אָן דײַן שלעכטיקייט,
און אַ מענטשנקינד דײַן גערעכטיקייט.

9 פון וועגן די פיל רויבערייען שרײַט מען,
מע קלאָגט זיך וועגן דעם אָרעם פון די שטאַרקע,
10 און מע זאָגט ניט: ווו איז גאָט מײַן באַשעפער,
וואָס גיט געזאַנגען אין דער נאַכט;
11 וואָס לערנט אונדז מער פון בהמות פון דער ערד,
און מאַכט אונדז קליגער פון פויגל פון הימל?
12 „אָן שרײַט מען, און ער ענטפערט ניט,
וועגן דער האָפערדיקייט פון די רשעים".
13 אָבער פאַלש איז, אַז גאָט הערט ניט צו,
און דער אַלמאַכטיקער קוקט עס ניט אָן.
14 הגם דו זאָגסט, דו קענסט אים ניט זען,
איז דער משפּט פאַר אים, און דאַרפסט האַרן אויף אים.
15 און אַצונד, האָט דען פאַר גאָרנישט געשטראָפט זײַן צאָרן?
און ווייס ער ניט וויל פון דער מוטוויליקייט?

ל
לא וְעַל־אָדָם יָחַד׃ מִמְּלֹךְ אָדָם חָנֵף מִמֹּקְשֵׁי עָם׃ כִּי אֶל־
לב אֵל הֶאָמַר נָשָׂאתִי לֹא אֶחְבֹּל׃ בִּלְעֲדֵי אֶחֱזֶה אַתָּה הֹרֵנִי
לג אִם־עָוֶל פָּעַלְתִּי לֹא אֹסִיף׃ הֲמֵעִמְּךָ יְשַׁלְּמֶנָּה ׀ כִּי־מָאַסְתָּ
לד כִּי־אַתָּה תִבְחַר וְלֹא־אָנִי וּמַה־יָּדַעְתָּ דַבֵּר׃ אַנְשֵׁי לֵבָב
לה יֹאמְרוּ לִי וְגֶבֶר חָכָם שֹׁמֵעַ לִי׃ אִיּוֹב לֹא־בְדַעַת יְדַבֵּר
לו וּדְבָרָיו לֹא בְהַשְׂכֵּיל׃ אָבִי יִבָּחֵן אִיּוֹב עַד־נֶצַח עַל־תְּשֻׁבֹת
לז בְּאַנְשֵׁי־אָוֶן׃ כִּי יֹסִיף עַל־חַטָּאתוֹ פֶשַׁע בֵּינֵינוּ יִסְפּוֹק
וְיֶרֶב אֲמָרָיו לָאֵל׃

## לה

א
ב וַיַּעַן אֱלִיהוּ וַיֹּאמַר׃ הֲזֹאת חָשַׁבְתָּ לְמִשְׁפָּט אָמַרְתָּ צִדְקִי
ג ד מֵאֵל׃ כִּי־תֹאמַר מַה־יִּסְכָּן־לָךְ מָה־אֹעִיל מֵחַטָּאתִי׃ אֲנִי
ה אֲשִׁיבְךָ מִלִּין וְאֶת־רֵעֶיךָ עִמָּךְ׃ הַבֵּט שָׁמַיִם וּרְאֵה וְשׁוּר
ו שְׁחָקִים גָּבְהוּ מִמֶּךָּ׃ אִם־חָטָאתָ מַה־תִּפְעָל־בּוֹ וְרַבּוּ פְשָׁעֶיךָ
ז מַה־תַּעֲשֶׂה־לּוֹ׃ אִם־צָדַקְתָּ מַה־תִּתֶּן־לוֹ אוֹ מַה־מִיָּדְךָ
ח ט יִקָּח׃ לְאִישׁ־כָּמוֹךָ רִשְׁעֶךָ וּלְבֶן־אָדָם צִדְקָתֶךָ׃ מֵרֹב
י עֲשׁוּקִים יַזְעִיקוּ יְשַׁוְּעוּ מִזְּרוֹעַ רַבִּים׃ וְלֹא־אָמַר אַיֵּה אֱלוֹהַּ
יא עֹשָׂי נֹתֵן זְמִרוֹת בַּלָּיְלָה׃ מַלְּפֵנוּ מִבַּהֲמוֹת אָרֶץ וּמֵעוֹף
יב הַשָּׁמַיִם יְחַכְּמֵנוּ׃ שָׁם יִצְעֲקוּ וְלֹא יַעֲנֶה מִפְּנֵי גְּאוֹן רָעִים׃
יג יד אַךְ־שָׁוְא לֹא־יִשְׁמַע ׀ אֵל וְשַׁדַּי לֹא יְשׁוּרֶנָּה׃ אַף כִּי־תֹאמַר
טו לֹא תְשׁוּרֶנּוּ דִּין לְפָנָיו וּתְחוֹלֵל לוֹ׃ וְעַתָּה כִּי־אַיִן פָּקַד
טז אַפּוֹ וְלֹא־יָדַע בַּפַּשׁ מְאֹד׃ וְאִיּוֹב הֶבֶל יִפְצֶה־פִּיהוּ בִּבְלִי־
דַעַת מִלִּין יַכְבִּר׃

## לו

א
ב וַיֹּסֶף אֱלִיהוּא וַיֹּאמַר׃ כַּתַּר־לִי זְעֵיר וַאֲחַוֶּךָּ כִּי־עוֹד
ג לֶאֱלוֹהַּ מִלִּים׃ אֶשָּׂא דֵעִי לְמֵרָחוֹק וּלְפֹעֲלִי אֶתֵּן־צֶדֶק׃
ד ה כִּי־אָמְנָם לֹא־שֶׁקֶר מִלָּי תְּמִים דֵּעוֹת עִמָּךְ׃ הֶן־אֵל כַּבִּיר
ו וְלֹא יִמְאָס כַּבִּיר כֹּחַ לֵב׃ לֹא־יְחַיֶּה רָשָׁע וּמִשְׁפַּט עֲנִיִּים
ז יִתֵּן׃ לֹא־יִגְרַע מִצַּדִּיק עֵינָיו וְאֶת־מְלָכִים לַכִּסֵּא וַיֹּשִׁיבֵם

לה, יד׳ בס״א תשורֶנִּי   לו,ה׳ בס״א לא

16 אָבער איוב עפנט מיט נאַרישקייט זײַן מויל,
אָן פאַרשטאַנדיקייט מערט ער ווערטער.

## לו

1 און אֱליהוא האָט ווײַטער געזאָגט:
2 וואַרט מיר אַ ווײַלע, און איך וועל דיר זאָגן,
וואָרום פאַראַן נאָך ווערטער וועגן גאָט.
3 איך וועל אויפהייבן מײַן געדאַנק ווײַט אַהין,
און מײַן באַשעפער וועל איך געבן גערעכטיקייט.
4 וואָרום פאַרוואָר, ניט פאַלש זײַנען מײַנע ווערטער,
אויפריכטיק אין געדאַנקען בין איך צו דיר.
5 זע, גאָט איז מאַכטיק, אָבער ער פאַראַכט קיינעם ניט;
ער איז מאַכטיק אין כּוח פון פאַרשטאַנדיקייט.
6 ער לאָזט ניט דעם רשע בלײַבן לעבן,
און גיט די אָרימע זייער רעכט.
7 ער נעמט ניט אַראָפּ זײַנע אויגן פון דעם צדיק;
און מיט מלכים אויפן טראָן זעצט ער זיי אויף אייביק,

[א] דער זינדיקער וועמען גאָט האָט געשטראָפט.

לָנֶצַח וַיִּגְבָּהוּ׃ וְאִם־אֲסוּרִים בַּזִּקִּים יִלָּכְדוּן בְּחַבְלֵי־עֹנִי׃ ח
וַיַּגֵּד לָהֶם פָּעֳלָם וּפִשְׁעֵיהֶם כִּי יִתְגַּבָּרוּ׃ וַיִּגֶל אָזְנָם ט י
לַמּוּסָר וַיֹּאמֶר כִּי־יְשֻׁבוּן מֵאָוֶן׃ אִם־יִשְׁמְעוּ וְיַעֲבֹדוּ יְכַלּוּ יא
יְמֵיהֶם בַּטּוֹב וּשְׁנֵיהֶם בַּנְּעִימִים׃ וְאִם־לֹא יִשְׁמְעוּ בְּשֶׁלַח יב
יַעֲבֹרוּ וְיִגְוְעוּ בִּבְלִי דָעַת׃ וְחַנְפֵי־לֵב יָשִׂימוּ אָף לֹא יג
יְשַׁוְּעוּ כִּי אֲסָרָם׃ תָּמֹת בַּנֹּעַר נַפְשָׁם וְחַיָּתָם בַּקְּדֵשִׁים׃ יד
יְחַלֵּץ עָנִי בְעָנְיוֹ וְיִגֶל בַּלַּחַץ אָזְנָם׃ וְאַף הֲסִיתְךָ ׀ מִפִּי־ טו טז
צָר רַחַב לֹא־מוּצָק תַּחְתֶּיהָ וְנַחַת שֻׁלְחָנְךָ מָלֵא דָשֶׁן׃
וְדִין־רָשָׁע מָלֵאתָ דִּין וּמִשְׁפָּט יִתְמֹכוּ׃ כִּי־חֵמָה פֶּן־יְסִיתְךָ יז יח
בְשָׂפֶק וְרָב־כֹּפֶר אַל־יַטֶּךָּ׃ הֲיַעֲרֹךְ שׁוּעֲךָ לֹא בְצָר וְכֹל יט
מַאֲמַצֵּי־כֹחַ׃ אַל־תִּשְׁאַף הַלָּיְלָה לַעֲלוֹת עַמִּים תַּחְתָּם׃ כ
הִשָּׁמֶר אַל־תֵּפֶן אֶל־אָוֶן כִּי עַל־זֶה בָּחַרְתָּ מֵעֹנִי׃ הֶן־אֵל כא כב
יַשְׂגִּיב בְּכֹחוֹ מִי כָמֹהוּ מוֹרֶה׃ מִי־פָקַד עָלָיו דַּרְכּוֹ וּמִי־ כג
אָמַר פָּעַלְתָּ עַוְלָה׃ זְכֹר כִּי־תַשְׂגִּיא פָעֳלוֹ אֲשֶׁר שֹׁרְרוּ כד
אֲנָשִׁים׃ כָּל־אָדָם חָזוּ בוֹ אֱנוֹשׁ יַבִּיט מֵרָחוֹק׃ הֶן־אֵל כה כו
שַׂגִּיא וְלֹא נֵדָע מִסְפַּר שָׁנָיו וְלֹא־חֵקֶר׃ כִּי יְגָרַע נִטְפֵי־ כז
מָיִם יָזֹקּוּ מָטָר לְאֵדוֹ׃ אֲשֶׁר־יִזְּלוּ שְׁחָקִים יִרְעֲפוּ עֲלֵי ׀ כח
אָדָם רָב׃ אַף אִם־יָבִין מִפְרְשֵׂי־עָב תְּשֻׁאוֹת סֻכָּתוֹ׃ הֵן־ כט ל
פָּרַשׂ עָלָיו אוֹרוֹ וְשָׁרְשֵׁי הַיָּם כִּסָּה׃ כִּי־בָם יָדִין עַמִּים לא
יִתֶּן־אֹכֶל לְמַכְבִּיר׃ עַל־כַּפַּיִם כִּסָּה־אוֹר וַיְצַו עָלֶיהָ לב
בְמַפְגִּיעַ׃ יַגִּיד עָלָיו רֵעוֹ מִקְנֶה אַף עַל־עוֹלֶה׃ לג

לז

אַף־לְזֹאת יֶחֱרַד לִבִּי וְיִתַּר מִמְּקוֹמוֹ׃ שִׁמְעוּ שָׁמוֹעַ בְּרֹגֶז א ב
קֹלוֹ וְהֶגֶה מִפִּיו יֵצֵא׃ תַּחַת כָּל־הַשָּׁמַיִם יִשְׁרֵהוּ וְאוֹרוֹ ג
עַל־כַּנְפוֹת הָאָרֶץ׃ אַחֲרָיו ׀ יִשְׁאַג־קוֹל יַרְעֵם בְּקוֹל גְּאוֹנוֹ ד
וְלֹא יְעַקְּבֵם כִּי־יִשָּׁמַע קוֹלוֹ׃ יַרְעֵם אֵל בְּקוֹלוֹ נִפְלָאוֹת ה
עֹשֶׂה גְדֹלוֹת וְלֹא נֵדָע׃ כִּי לַשֶּׁלֶג ׀ יֹאמַר הֱוֵא אָרֶץ וְגֶשֶׁם ו
מָטָר וְגֶשֶׁם מִטְרוֹת עֻזּוֹ׃ בְּיַד־כָּל־אָדָם יַחְתּוֹם לָדַעַת ז

לו, טז׳ ס״א הֵ׳

אוּן זיי ווערן דערהייכט.
8 אוּן אויב זיי זײַנען געשמידט אין קייטן,
באַצוווּנגען אין שטריק פוּן פּיין,
9 רעדט ער זיי אויס זייער טוּאוּנג,
אוּן זייערע פאַרברעכן ווען זיי שטאַרקן זיך.
10 ער אַנטפּלעקט זייער אויער פאַר מוּסר,
אוּן הייסט, אַז זיי זאָלן זיך אוּמקערן פוּן אוּמרעכט.
11 אויב זיי הערן, אוּן דינען,
ענדיקן זיי זייערע טעג אין גוּטס,
אוּן זייערע יאָרן אין נחת.
12 אוּן אויב זיי הערן ניט, קוּמען זיי אוּם דוּרכן שווערד,
אוּן פאַרגייען אָן פאַרשטאַנדיקייט.
13 אָבער די זינדיקע אין האַרצן לייגן אָן צאָרן;
זיי שרייען ניט [צוּ אים] ווען ער בינדט זיי.
14 אין יוּגנט שטאַרבט זייער זעל,
אוּן זייער לעבן – ווי די שאַנדיוּנגען.
15 ער ראַטעוועט[א] דעם געדריקטן דוּרך זיין געדריקטקייט,
אוּן אַנטפּלעקט דוּרך דער נויט[א] זייער אויער.
16 אוּן אויך דיך וואָלט ער אַרויסגעצויגן פוּן דער קלעם,
אין דערברייטערניש ווּ קיין ענגשאַפט איז ניטאָ;
אוּן דאָס געדעק פוּן דיין טיש וואָלט פוּל זיין מיט פעטקייט.
17 ווייל אָבער ביסט פוּל מיט דער טענה פוּן דעם רשע
האַלט דיך דער משפט אוּן די גערעכטיקייט.
18 פאַרוואָר, זאָל דיך נאָר דער גרימצאָרן ניט אָנרעדן צוּ צווייפל,
אוּן זאָל די גרויסע אָפּקוּמעניש דיך ניט אַראָפּפירן.
19 האָט דען אַ ווערדע דיין ניט אַיינגעהאַלטענער געשריי,
אוּן אַלדי שטאַרקע ראַנגלענישן?
20 זאָלסט ניט געלוּסטן די נאַכט,
ווען פעלקער ווערן פאַרשווּנדן אויפן אָרט.
21 היט זיך זאָלסט זיך ניט קערן צוּ אוּמרעכט,
הגם דוּ וואָלסט דאָס אויסדערווײלט איידער פּיין.

22 זע, גאָט איז דערהויבן אין זיין שטאַרקייט;
ווער איז אַזאַ לערער ווי ער?
23 ווער האָט אים באַפוילן זיין וועג?
אוּן ווער קען זאָגן: דוּ טוּסט אַן עוולה?
24 געדענק, אַז דוּ זאָלסט גרייסן זיין ווערק
וואָס מענטשן האָבן באַזוּנגען.
25 אַלע מענטשנקינדער האָבן עס געזען,
דער מענטש קוּקט עס אָן פוּן דער ווייטן.
26 זע, גאָט איז גרויס, אוּן מיר פאַרשטייען ניט,
די צאָל פוּן זיינע יאָרן איז ניט צוּ דערפאָרשן.
27 וואָרוּם ער ציט אָפּ די טראָפּנס וואַסער,
זיי זאָלן זײַען רעגן פוּן זיין נעבל;
28 ווען די הימלען פליסן,
אוּן טריפן אויף מענטשן אַ סך.
29 יאָ, צי פאַרשטייט מען די שפּרייטוּנגען פוּן וואָלקן,
די געפּילדערס פוּן זיין געצעלט?
30 זע, ער שפּרייט אויס דערויף זיין ליכט;
אוּן די וואָרצלען פוּן ים דעקט ער צוּ.
31 וואָרוּם דערמיט משפּט ער פעלקער,
גיט ער שפּייז אין שפע.
32 ער שפּרייט אויס אויפן הימלוועלב דעם בליץ,
אוּן באַפעלט אים ער זאָל טרעפן.
33 עס זאָגט אָן וועגן אים
דער צאָרן, דער כעס פוּן דעם שטוּרעם.

לז

1 יאָ, דערפוּן ציטערט מיין האַרץ,
אוּן שפּרינגט אויף פוּן זיין אָרט.
2 הערט, הערט די אוּמרוּ פוּן זיין קָול,
אוּן דעם ברוּם וואָס גייט אַרויס פוּן זיין מויל.
3 אוּנטערן גאַנצן הימל לאָזט ער אים לויז,
אוּן זיין בליץ איז ביז די בּרעגן פוּן דער ערד.
4 הינטער דעם ברילט אַ קָול;
ער דוּנערט מיט דעם קָול פוּן זיין גרויסקייט;
אוּן מע קען זיי[ב] ניט אָפּהאַלטן, ווען זיין קָול ווערט געהערט.
5 גאָט דוּנערט ווּנדערלעך מיט זיין קָול,
ער טוּט גרויסע זאַכן אוּן מיר פאַרשטייען ניט.
6 וואָרוּם ער זאָגט צוּם שניי: פאַל אויף דער ערד!
דעסגלייכן צוּם גוּסרעגן,
צוּם גוּס פוּן זיינע מאַכטיקע רעגנס.
7 ער פאַרחתמעט די האַנט פוּן יעטוועדער מענטשן,

[א] וואָרטשפּיל: יְחַלֵּץ-בַּלַּחַץ.
[ב] די וואָלקן, ז׳אָס געוויטער, דעם רעגן.

ח כָּל־אַנְשֵׁי מַעֲשֵׂהוּ׃ וַתָּבוֹא חַיָּה בְמוֹ־אָרֶב וּבִמְעוֹנֹתֶיהָ
ט י תִשְׁכֹּן׃ מִן־הַחֶדֶר תָּבוֹא סוּפָה וּמִמְּזָרִים קָרָה׃ מִנִּשְׁמַת־
יא אֵל יִתֶּן־קָרַח וְרֹחַב מַיִם בְּמוּצָק׃ אַף־בְּרִי יַטְרִיחַ עָב
יב יָפִיץ עֲנַן אוֹרוֹ׃ וְהוּא מְסִבּוֹת ׀ מִתְהַפֵּךְ בְּתַחְבּוּלֹתָו
יג לְפָעֳלָם כֹּל אֲשֶׁר יְצַוֵּם ׀ עַל־פְּנֵי תֵבֵל אָרְצָה׃ אִם־
יד לְשֵׁבֶט אִם־לְאַרְצוֹ אִם־לְחֶסֶד יַמְצִאֵהוּ׃ הַאֲזִינָה זֹּאת
טו אִיּוֹב עֲמֹד וְהִתְבּוֹנֵן ׀ נִפְלְאוֹת אֵל׃ הֲתֵדַע בְּשׂוּם־אֱלוֹהַּ
טז עֲלֵיהֶם וְהוֹפִיעַ אוֹר עֲנָנוֹ׃ הֲתֵדַע עַל־מִפְלְשֵׂי־עָב מִפְלְאוֹת
יז תְּמִים דֵּעִים׃ אֲשֶׁר־בְּגָדֶיךָ חַמִּים בְּהַשְׁקִט אֶרֶץ מִדָּרוֹם׃
יח יט תַּרְקִיעַ עִמּוֹ לִשְׁחָקִים חֲזָקִים כִּרְאִי מוּצָק׃ הוֹדִיעֵנוּ מַה־
כ נֹּאמַר לוֹ לֹא נַעֲרֹךְ מִפְּנֵי־חֹשֶׁךְ׃ הַיְסֻפַּר־לוֹ כִּי אֲדַבֵּר
כא אִם־אָמַר אִישׁ כִּי יְבֻלָּע׃ וְעַתָּה ׀ לֹא רָאוּ אוֹר בָּהִיר הוּא
כב בַּשְּׁחָקִים וְרוּחַ עָבְרָה וַתְּטַהֲרֵם׃ מִצָּפוֹן זָהָב יֶאֱתֶה עַל־
כג אֱלוֹהַּ נוֹרָא הוֹד׃ שַׁדַּי לֹא־מְצָאנֻהוּ שַׂגִּיא־כֹחַ וּמִשְׁפָּט
כד וְרֹב־צְדָקָה לֹא יְעַנֶּה׃ לָכֵן יְרֵאוּהוּ אֲנָשִׁים לֹא־יִרְאֶה
כָּל־חַכְמֵי־לֵב׃

## לח

א ב וַיַּעַן־יְהוָה אֶת־אִיּוֹב מִנ ׀ הַסְּעָרָה וַיֹּאמַר׃ מִי זֶה ׀ מַחְשִׁיךְ
ג עֵצָה בְמִלִּין בְּלִי־דָעַת׃ אֱזָר־נָא כְגֶבֶר חֲלָצֶיךָ וְאֶשְׁאָלְךָ
ד וְהוֹדִיעֵנִי׃ אֵיפֹה הָיִיתָ בְּיָסְדִי־אָרֶץ הַגֵּד אִם־יָדַעְתָּ בִינָה׃
ה ו מִי־שָׂם מְמַדֶּיהָ כִּי תֵדָע אוֹ מִי־נָטָה עָלֶיהָ קָּו׃ עַל־מָה
ז אֲדָנֶיהָ הָטְבָּעוּ אוֹ מִי־יָרָה אֶבֶן פִּנָּתָהּ׃ בְּרָן־יַחַד כּוֹכְבֵי
ח בֹקֶר וַיָּרִיעוּ כָּל־בְּנֵי אֱלֹהִים׃ וַיָּסֶךְ בִּדְלָתַיִם יָם בְּגִיחוֹ
ט י מֵרֶחֶם יֵצֵא׃ בְּשׂוּמִי עָנָן לְבֻשׁוֹ וַעֲרָפֶל חֲתֻלָּתוֹ׃ וָאֶשְׁבֹּר
יא עָלָיו חֻקִּי וָאָשִׂים בְּרִיחַ וּדְלָתָיִם׃ וָאֹמַר עַד־פֹּה תָבוֹא
יב וְלֹא תֹסִיף וּפֹא־יָשִׁית בִּגְאוֹן גַּלֶּיךָ׃ הֲמִיָּמֶיךָ צִוִּיתָ בֹּקֶר
יג יִדַּעְתָּה שַׁחַר מְקֹמוֹ׃ לֶאֱחֹז בְּכַנְפוֹת הָאָרֶץ וְיִנָּעֲרוּ

לז, יב׳ בתחבולתיו קרי   לח, א׳ מן קרי   ב׳ ס״א מַחְשִׁיךְ עֵצָה בְּ׳
יא׳ א׳ כמקום ה׳   יב׳ ידעת השחר קרי

אַז אַלע מענטשן פון זיין באַשאַף זאָלן וויסן.
8 און די חיה גייט אַריין אין באַהעלטעניש,
און רוט אין אירע נאָרעס.
9 פון דער קאַמער קומט דער שטורעם,
און פון צפון־ווינטן די קעלט.
10 פון דעם אָטעם פון גאָט גיט עס אַייז,
און ברייטע וואַסערן ווערן פעסט.
11 יאָ, ער לאָדט אָן מיט פייכטקייט דעם וואָלקן,
ער שפּרייט פאַנאַנדער זיין בליצכמאַרע.
12 און דאָס דרייט זיך רונד אַרום דורך זיין קירעווען
כּדי זיי זאָלן טאָן אַלץ וואָס ער באַפעלט זיי
אויפן געזיכט פון דער ערדישער וועלט;
13 סיי ער שיקט עס פאַר אַ שטראָף,
סיי פאַר זיין ערד, סיי פאַר גענאָד.

14 פאַרנעם דאָסדאָזיקע, איוב,
שטיי און באַטראַכט די וווּנדער פון גאָט.
15 ווייסטו ווי גאָט לייגט עס אַרויף אויף זיי,
און מאַכט לייכטן דעם בליץ פון זיין כמאַרע?
16 פאַרשטייסטו דעם מִשְׁקוֹלֶת פונעם וואָלקן,
די וווּנדער פון דעם אַלוויסיקן?
17 ווי אַזוי דיינע בגדים ווערן הייס,
ווען די ערד ליגט שטיל פון דָרום־ווינט?
18 קענסטו אויסשפּרייטן די הימלען מיט אים,
פעסט ווי אַ געגאָסענער שפּיגל?
19 מאַך אונדז וויסן וואָס מיר זאָלן זאָגן צו אים;
מיר ווייסן קיין לאַד ניט פון וועגן דער פינצטערניש.
20 דאַרף אים דערציילט ווערן אַז איך רעד?
צי דאַרף אַ מענטש אים אויסזאָגן, ווען עס איז פאַר־
הוילן?

21 און אָקאָרשט האָט מען ניט געזען אַ העלן שיין אין הימל,
איז אַ ווינט אַריבער, און האָט אים אויסגעלייטערט.
22 פון צפון קומט אַ גילדערנע ליכטיקייט,
אַ מוֹראדיקער גלאַנץ איז אַרום גאָט.
23 דער אַלמאַכטיקער, אים קענען מיר ניט אויסגעפינען;
ער איז גרויס אין כּוח,
אָבער רעכט און פולע גערעכטיקייט
קריוודעט ער ניט.
24 דרום פאַרכטן אים[א] די מענטשן;
ער קוקט זיך ניט אום[א] אויף אַלע קלוגהאַרציקע.

## לח

1 און גאָט האָט געענטפערט איובן פון שטורעם,
און האָט געזאָגט:
2 ווער פאַרטונקלט דאָס די כַּוָנה
מיט ווערטער אָן פאַרשטאַנדיקייט?
3 גורט אַקאָרשט אָן ווי אַ מאַן דיינע לענדן,
און איך וועל דיך פרעגן, און דו מאַך מיך וויסן.
4 וווּ ביסטו געווען ווען איך האָב געגרונטפעסט די
ערד;
זאָג, אויב דו ווייסט פאַרשטאַנדיקייט.
5 ווער האָט געמאַכט אירע מאָסן, אויב דו ווייסט?
אָדער ווער האָט געצויגן אַ מעסטשנור אויף איר?
6 אויף וואָס זיינען אירע גרונטמויערן אַרויפגעוועצט?
אָדער ווער האָט געלייגט איר ווינקלשטיין?
7 ווען די מאָרגנשטערן האָבן אין איינעם געזונגען,
און אַלע זין פון גאָט האָבן געשאַלט.
8 און ווער האָט פאַרצאַמט מיט טירן דעם ים,
ווען ער האָט אויסגעבראָכן און איז פון טראַכט אַרויס?
9 ווען איך האָב געמאַכט דעם וואָלקן פאַר זיין מלבוש,
און דעם נעבל פאַר זיין ווינדלשנור,
10 און איך האָב באַשטימט פאַר אים מיין געזעץ,
און געמאַכט ריגלען און טירן,
11 און געזאָגט: ביז אַהער זאָלסטו קומען און ניט ווייטער,
און דאָ וועט מען פאַרהאַלטן דעם שטאָלץ פון דיינע
אינדן?
12 האָסטו זינט דיין לעבטאָג באַפוילן דעם פרימאָרגן?
אָנגעוויזן דעם באַגינען זיין אָרט?
13 כּדי אָנצונעמען די ברעגן פון דער ערד,

א וואָרטשפּיל: יְרָאוּהוּ-יִרְאֶה.

רְשָׁעִים מִמֶּנָּה׃ תִּתְהַפֵּךְ כְּחֹמֶר חוֹתָם וְיִתְיַצְּבוּ כְּמוֹ יד
לְבוּשׁ׃ וְיִמָּנַע מֵרְשָׁעִים אוֹרָם וּזְרוֹעַ רָמָה תִּשָּׁבֵר׃ הֲבָאתָ טו טז
עַד־נִבְכֵי־יָם וּבְחֵקֶר תְּהוֹם הִתְהַלָּכְתָּ׃ הֲנִגְלוּ לְךָ שַׁעֲרֵי־ יז
מָוֶת וְשַׁעֲרֵי צַלְמָוֶת תִּרְאֶה׃ הִתְבֹּנַנְתָּ עַד־רַחֲבֵי־אָרֶץ יח
הַגֵּד אִם־יָדַעְתָּ כֻלָּהּ׃ אֵי־זֶה הַדֶּרֶךְ יִשְׁכָּן־אוֹר וְחֹשֶׁךְ אֵי יט
זֶה מְקֹמוֹ׃ כִּי תִקָּחֶנּוּ אֶל־גְּבוּלוֹ וְכִי־תָבִין נְתִיבוֹת בֵּיתוֹ׃ כ
יָדַעְתָּ כִּי־אָז תִּוָּלֵד וּמִסְפַּר יָמֶיךָ רַבִּים׃ הֲבָאתָ אֶל־ כא כב
אֹצְרוֹת שָׁלֶג וְאֹצְרוֹת בָּרָד תִּרְאֶה׃ אֲשֶׁר חָשַׂכְתִּי לְעֶת כג
צָר לְיוֹם קְרָב וּמִלְחָמָה׃ אֵי־זֶה הַדֶּרֶךְ יֵחָלֶק אוֹר יָפֵץ כד
קָדִים עֲלֵי־אָרֶץ׃ מִי־פִלַּג לַשֶּׁטֶף תְּעָלָה וְדֶרֶךְ לַחֲזִיז כה
קֹלוֹת׃ לְהַמְטִיר עַל־אֶרֶץ לֹא־אִישׁ מִדְבָּר לֹא־אָדָם בּוֹ׃ כו
לְהַשְׂבִּיעַ שֹׁאָה וּמְשֹׁאָה וּלְהַצְמִיחַ מֹצָא דֶשֶׁא׃ הֲיֵשׁ־ כז כח
לַמָּטָר אָב אוֹ מִי־הוֹלִיד אֶגְלֵי־טָל׃ מִבֶּטֶן מִי יָצָא הַקָּרַח כט
וּכְפֹר שָׁמַיִם מִי יְלָדוֹ׃ כָּאֶבֶן מַיִם יִתְחַבָּאוּ וּפְנֵי תְהוֹם ל
יִתְלַכָּדוּ׃ הַתְקַשֵּׁר מַעֲדַנּוֹת כִּימָה אוֹ־מֹשְׁכוֹת כְּסִיל לא
תְּפַתֵּחַ׃ הֲתֹצִיא מַזָּרוֹת בְּעִתּוֹ וְעַיִשׁ עַל־בָּנֶיהָ תַנְחֵם׃ לב
הֲיָדַעְתָּ חֻקּוֹת שָׁמָיִם אִם־תָּשִׂים מִשְׁטָרוֹ בָאָרֶץ׃ הֲתָרִים לג לד
לָעָב קוֹלֶךָ וְשִׁפְעַת־מַיִם תְּכַסֶּךָּ׃ הַתְשַׁלַּח בְּרָקִים וְיֵלֵכוּ לה
וְיֹאמְרוּ לְךָ הִנֵּנוּ׃ מִי־שָׁת בַּטֻּחוֹת חָכְמָה אוֹ מִי־נָתַן לַשֶּׂכְוִי לו
בִינָה׃ מִי־יְסַפֵּר שְׁחָקִים בְּחָכְמָה וְנִבְלֵי שָׁמַיִם מִי יַשְׁכִּיב׃ לז
בְּצֶקֶת עָפָר לַמּוּצָק וּרְגָבִים יְדֻבָּקוּ׃ הֲתָצוּד לְלָבִיא טָרֶף לח לט
וְחַיַּת כְּפִירִים תְּמַלֵּא׃ כִּי־יָשֹׁחוּ בַמְּעוֹנוֹת יֵשְׁבוּ בַסֻּכָּה מ
לְמוֹ־אָרֶב׃ מִי יָכִין לָעֹרֵב צֵידוֹ כִּי־יְלָדָו אֶל־אֵל יְשַׁוֵּעוּ מא
יִתְעוּ לִבְלִי־אֹכֶל׃

## לט

הֲיָדַעְתָּ עֵת לֶדֶת יַעֲלֵי־סָלַע חֹלֵל אַיָּלוֹת תִּשְׁמֹר׃ תִּסְפֹּר א ב
יְרָחִים תְּמַלֶּאנָה וְיָדַעְתָּ עֵת לִדְתָּנָה׃ תִּכְרַעְנָה יַלְדֵיהֶן ג

---

לח, יג׳ טו׳ ע׳ תלויה מא׳ ילדיו קרי

אַז די רשעים זאָלן אַראָפּגעשאָקלט ווערן פון איר.
14 זי שעמערירט אַזוי ווי זיגלוואַקס,
און עס ליגט אַזוי ווי אַ מלבוש.
15 און פון די רשעים ווערט פאַרמיטן זייער ליכט,
און דער אויפגעהויבענער אָרעם ווערט צעבראָכן.

16 ביסטו געקומען צו די קוואַלן פון ים,
און אויפן גרונט פון תהום אומגעגאַנגען?
17 זיינען דיר אַנטפּלעקט געוואָרן די טויערן פון טויט,
און האָסטו די טויערן פון טויטשאָטן געזען?
18 האָסטו איבערגעקוקט ביז די ברייטקייטן פון דער ערד?
זאָג, אויב דו ווייסט דאָס אַלץ.

19 אויף וואָסער וועג רוט דאָס ליכט?
און די פינצטערניש, ווו איז איר אָרט,
20 אַז דו זאָלסט זי נעמען צו איר געמאַרק,
און אַז דו זאָלסט פאַרשטיין די שטעגן צו איר הויז?
21 דו ווייסט דאָס, וואָרום דו ביסט דענסמאָל שוין געווען
געבאָרן,
און די צאָל פון דיינע טעג איז גרויס!

22 ביסטו געקומען צו די אוצרות פון שניי,
אָדער האָסטו די אוצרות פון האָגל געזען,
23 וואָס איך האָב באַהאַלטן פאַר אַ צייט פון נויט,
פאַרן טאָג פון קריג און מלחמה?

24 אויף וואָסער וועג צעטיילט זיך דאָס ליכט,
צעשפּרייט זיך דער מזרח־ווינט איבער דער ערד?
25 ווער האָט דורכגעהאַקט פאַר דער פלייצונג אַ גראָבן,
און אַ וועג פאַרן דונערגעוויטער?
26 צו מאַכן רעגענען אויף אַ לאַנד אָן אַ מענטשן,
אַ מדבר אָן אַ מוטערמענטשן דערין;
27 אָנצוזעטן אַ וויסטקייט און אַ וויסטעניש,
און מאַכן שפּראָצן אַן אויסוואַקס פון גראָז.
28 האָט דער רעגן אַ פאָטער?
אָדער ווער האָט געבאָרן די טראָפּנס טוי?
29 פון וועמעס בויך איז אַרויס דער אַייז?
און דער פראָסט פון הימל, ווער האָט אים געבאָרן?
30 אַזוי ווי שטיין ווערן וואַסערן פאַרגליווערט,
און דער פּנים פון תהום ווערט פאַרשטאַרט.

31 קענסטו בינדן די קייטן פון זיבנשטערן,
אָדער די שטריק פון אָריאָן לויז מאַכן?
32 קענסטו אַרויסברענגען די מַזָלות אין זייער צייט,
און דעם בער מיט זיינע קינדער אַרויספירן?
33 ווייסטו די געזעצן פון הימל?
צי מאַכסטו זיין געוועלטיקונג אויף דער ערד?
34 קענסטו אויפהייבן צום וואָלקן דיין קול,
אַז אַ שֶפע פון וואַסער זאָל דיך באַדעקן?
35 קענסטו אַרויסשיקן בליצן, זיי זאָלן גיין,
און זאָגן צו דיר: דאָ זיינען מיר?

36 ווער האָט אַריינגעטאָן אין די נירן חכמה?
אָדער ווער האָט געגעבן דעם גייסט פאַרשטאַנדיקייט?
37 ווער ציילט איבער די וואָלקנס מיט חכמה?
און די לאָגלען פון הימל ווער גיסט אויס?
38 ווען דער שטויב איז צונויפגעגאָסן ווי גוס,
און די גרודעס זיינען צוזאַמענגעבאַקן.
39 קענסטו פאַנגען פאַר דער לייבינטע רויב,
און דעם באַגער פון די יונגלייבן אָנפילן,
40 ווען זיי בייגן זיך אין די נאָרעס,
ווען זיי זיצן אין צודעק אויף דער לויער?
41 ווער גרייט אָן דעם ראָב זיין שפּייז,
ווען זיינע קינדער שרייען צו גאָט,
ווען זיי וואַנדערן אום אָן עסן?

## לט

1 ווייסטו די צייט ווען די שטיינציגן געבערן?
גיסטו אַכטונג ווען די הינדינס האָבן ווייען?
2 ציילסטו די חדשים ווען זיי דאַרפן דערפילן,
און ווייסטו די צייט פון זייער געבערן?
3 זיי קניען, זיי לאָזן דורכברעכן זייערע קינדער,

זיי וואַרפן אַרויס זייערע געבורטן.
4 זייערע יונגע ווערן שטאַרק, זיי וואַקסן אויפן פרייען,
זיי גייען אַוועק, און קערן זיך ניט אום צו זיי.

5 ווער האָט אַרויסגעלאָזט דעם וואַלדאייזל פריי,
און די בינד פון דעם ווילדאייזל ווער האָט לויז געמאַכט,
6 וואָס איך האָב געמאַכט דעם מדבר פאַר זיין הויז,
און זאַלציק לאַנד פאַר זיינע וווינונגען?
7 ער לאַכט פון דעם טומל פון שטאָט,
ער הערט ניט קיין טרייבערס געשרייען.
8 די נישטערונג פון די בערג איז זיין פיטערונג,
און איטלעך גראָז זוכט ער נאָך.

9 וועט דער ווילדאָקס* וועלן דיר דינען?
צי וועט ער נעכטיקן ביי דיין קאָריטע?
10 קענסטו צובינדן דעם ווילדאָקס* מיט זיין שטריק צו דער בייט?
צי וועט ער בראָנעווען די טאָלן הינטער דיר?
11 קענסטו זיך פאַרזיכערן אויף אים, ווייל זיין כּוח איז גרויס,
און איבערלאָזן אויף אים דיין מי?
12 קענסטו אים אָנטרויען, אַז ער וועט אָפּברענגען דיין זאָמען,
און אײַנזאַמלען [די תּבֿואה פון] דיין שייער?

13 דער פליגל פון שטרויספויגל קלאַפּט לוסטיק–
צי איז דאָס דער פלעדער און פעדער פון שטאָרך?
14 פאַרוואָר, זי לאָזט איבער צו דער ערד אירע אייער,
און אין שטויב לאָזט זי זיי אויסבריען.
15 און זי פאַרגעסט אַז אַ פוס קען זיי צעקוועטשן,
און אַ חיה פון פעלד קען זיי צעטרעטן.
16 זי איז האַרט צו אירע קינדער ווי צו ניט אירע;
אומזיסט מעג זיין איר מי, זי איז אָן אַנגסט,
17 וואָרום גאָט האָט זי געמינערט פון חכמה,
און איר ניט אײַנגעטיילט מיט שׂכל.
18 אַצונד הייבט זי די פליגלען אין דער הייךא,
זי לאַכט פון פערד און פון זיין רייטער.
19 גיסטו דעם פערד גבֿורה?
באַקליידסטו זיין האַלדז מיט שטורעם?
20 מאַכסטו אים שפּרינגען ווי אַ היישעריק?
דער הילך פון זיין הירזשען איז אַן אימה.
21 ער גראַבלט אין טאָל, און פרייט זיך מיטן כּוח,
ער גייט אַרויס דעם וואָפן אַנטקעגן.
22 ער לאַכט פון אַנגסט, און ווערט ניט דערשראָקן,
און ער קערט ניט צוריק פאַר אַ שווערד.
23 לעבן אים קלינגט דער פייל־בייטל,
דער פלאַמיקער שפּיז און די פּיקע.
24 מיט רַעַש און רוגזה שלינגט ער די ערד,
און קען ניט אײַנשטיין ביים קָול פון אַ שופר.
25 ווי נאָר אַ שופר, זאָגט ער: אַהאַ!
און פון ווייטן דערשמעקט ער מלחמה,
דעם דונער פון די הויפּטלייט און די שאַלונג.

26 דורך דיין שׂכל פליט דען דער שפּאַרבער,
שפּרייט זיינע פליגלען קיין דָרום?
27 צי אויף דיין באַפעל הייבט זיך אויף דער אָדלער,

א וואָרטשפּיל: בַּמָּרוֹם תַּמְרִיא.

ד תְּפַלַּחְנָה חֶבְלֵיהֶם תְּשַׁלַּחְנָה׃ יַחְלְמוּ בְנֵיהֶם יִרְבּוּ בַבָּר
ה יָצְאוּ וְלֹא שָׁבוּ לָמוֹ׃ מִי־שִׁלַּח פֶּרֶא חָפְשִׁי וּמֹסְרוֹת עָרוֹד
ו מִי פִתֵּחַ׃ אֲשֶׁר־שַׂמְתִּי עֲרָבָה בֵיתוֹ וּמִשְׁכְּנוֹתָיו מְלֵחָה׃
ז ח יִשְׂחַק לַהֲמוֹן קִרְיָה תְּשֻׁאוֹת נוֹגֵשׂ לֹא יִשְׁמָע׃ יְתוּר הָרִים
ט מִרְעֵהוּ וְאַחַר כָּל־יָרוֹק יִדְרוֹשׁ׃ הֲיֹאבֶה רֵּים עָבְדֶךָ אִם־
י יָלִין עַל־אֲבוּסֶךָ׃ הֲתִקְשָׁר־רֵים בְּתֶלֶם עֲבֹתוֹ אִם־יְשַׂדֵּד
יא עֲמָקִים אַחֲרֶיךָ׃ הֲתִבְטַח־בּוֹ כִּי־רַב כֹּחוֹ וְתַעֲזֹב אֵלָיו
יב יג יְגִיעֶךָ׃ הֲתַאֲמִין בּוֹ כִּי־יָשׁוּב זַרְעֶךָ וְגָרְנְךָ יֶאֱסֹף׃ כְּנַף־
יד רְנָנִים נֶעֱלָסָה אִם־אֶבְרָה חֲסִידָה וְנֹצָה׃ כִּי־תַעֲזֹב לָאָרֶץ
טו בֵּיצֶיהָ וְעַל־עָפָר תְּחַמֵּם׃ וַתִּשְׁכַּח כִּי־רֶגֶל תְּזוּרֶהָ וְחַיַּת
טז הַשָּׂדֶה תְּדוּשֶׁהָ׃ הִקְשִׁיחַ בָּנֶיהָ לְּלֹא־לָהּ לְרִיק יְגִיעָהּ
יז בְּלִי־פָחַד׃ כִּי־הִשָּׁהּ אֱלוֹהַּ חָכְמָה וְלֹא חָלַק לָהּ בַּבִּינָה׃
יח יט כָּעֵת בַּמָּרוֹם תַּמְרִיא תִּשְׂחַק לַסּוּס וּלְרֹכְבוֹ׃ הֲתִתֵּן לַסּוּס
כ גְּבוּרָה הֲתַלְבִּישׁ צַוָּארוֹ רַעְמָה׃ הֲתַרְעִישֶׁנּוּ כָּאַרְבֶּה הוֹד
כא נַחְרוֹ אֵימָה׃ יַחְפְּרוּ בָעֵמֶק וְיָשִׂישׂ בְּכֹחַ יֵצֵא לִקְרַאת
כב נָשֶׁק׃ יִשְׂחַק לְפַחַד וְלֹא יֵחָת וְלֹא־יָשׁוּב מִפְּנֵי־חָרֶב׃
כג כד עָלָיו תִּרְנֶה אַשְׁפָּה לַהַב חֲנִית וְכִידוֹן׃ בְּרַעַשׁ וְרֹגֶז יְגַמֶּא־
כה אֶרֶץ וְלֹא־יַאֲמִין כִּי־קוֹל שׁוֹפָר׃ בְּדֵי שֹׁפָר ׀ יֹאמַר הֶאָח
כו וּמֵרָחוֹק יָרִיחַ מִלְחָמָה רַעַם שָׂרִים וּתְרוּעָה׃ הֲמִבִּינָתְךָ
כז יַאֲבֶר־נֵץ יִפְרֹשׂ כְּנָפָו לְתֵימָן׃ אִם־עַל־פִּיךָ יַגְבִּיהַּ נָשֶׁר
כח וְכִי יָרִים קִנּוֹ׃ סֶלַע יִשְׁכֹּן וְיִתְלֹנָן עַל־שֶׁן־סֶלַע וּמְצוּדָה׃
כט ל מִשָּׁם חָפַר־אֹכֶל לְמֵרָחוֹק עֵינָיו יַבִּיטוּ׃ וְאֶפְרֹחָו יְעַלְעוּ־
דָם וּבַאֲשֶׁר חֲלָלִים שָׁם הוּא׃

מ

א ב וַיַּעַן יְהוָה אֶת־אִיּוֹב וַיֹּאמַר׃ הֲרֹב עִם־שַׁדַּי יִסּוֹר מוֹכִיחַ
ג ד אֱלוֹהַּ יַעֲנֶנָּה׃ וַיַּעַן אִיּוֹב אֶת־יְהוָה וַיֹּאמַר׃ הֵן קַלֹּתִי
ה מָה אֲשִׁיבֶךָּ יָדִי שַׂמְתִּי לְמוֹ־פִי׃ אַחַת דִּבַּרְתִּי וְלֹא אֶעֱנֶה

לט, ג׳ פתח באתנח וס״פ ט׳ ר׳ דגושה יב׳ ישיב קרי כז׳ כנפיו קרי
ל׳ ואפרחיו קרי

און מאַכט זיין נעסט אין דער הייך?
28 אויף אַ פעלז רוט ער און ווײַלט,
אויף אַ שפּיץ פעלז און אַ באַרגפעסטונג.
29 פון דאָרטן קוקט ער אויס זיין עסן,
פון ווייטן זעען זיינע אויגן.
30 און זיינע יונגע זופּן בלוט,
און ווו דערשלאָגענע דאָרטן איז ער.

מ

1 און גאָט האָט געענטפערט איובן, און האָט געזאָגט:
2 וויל זיך קריגן מיטן אַלמאַכטיקן דער טאַדלער?
דער וואָס וויכּוחט זיך מיט גאָט זאָל עס ענטפערן.

3 האָט איוב געענטפערט גאָט און האָט געזאָגט:
4 זע, ווינציק וואָס בין איך; וואָס קען איך דיר ענטפערן?
איך טו אַרויף מיין האַנט אויף מיין מויל.
5 איין מאָל האָב איך גערעדט, און וועל מער ניט ענטפערן;
יאָ, צוויי מאָל און וועל עס ניט ווידער טאָן.

ושתים ולא אוסיף: ויען־יהוה את־איוב מן־סערה ו
ויאמר: אזר־נא כגבר חלציך אשאלך והודיעני: ז
האף תפר משפטי תרשיעני למען תצדק: ואם־זרוע ח ט
כאל ׀ לך ובקול כמהו תרעם: עדה־נא גאון וגבה והוד י
והדר תלבש: הפץ עברות אפך וראה כל־גאה והשפילהו: יא
ראה כל־גאה הכניעהו והדך רשעים תחתם: טמנם יב יג
בעפר יחד פניהם חבש בטמון: וגם־אני אודך כי־ יד
תושע לך ימינך: הנה־נא בהמות אשר־עשיתי עמך טו
חציר כבקר יאכל: הנה־נא כחו במתניו ואנו בשרירי טז
בטנו: יחפץ זנבו כמו־ארז גידי פחדו ישרגו: עצמיו יז יח
אפיקי נחושה גרמיו כמטיל ברזל: הוא ראשית דרכי־ יט
אל העשו יגש חרבו: כי־בול הרים ישאו־לו וכל־חית כ
השדה ישחקו־שם: תחת־צאלים ישכב בסתר קנה כא
ובצה: יסכהו צאלים צללו יסבוהו ערבי־נחל: הן יעשק כב כג
נהר ולא יחפוז יבטח ׀ כי־יגיח ירדן אל־פיהו: בעיניו כד
יקחנו במוקשים ינקב־אף: תמשך לויתן בחכה ובחבל כה
תשקיע לשנו: התשים אגמן באפו ובחוח תקב לחיו: כו
הירבה אליך תחנונים אם־ידבר אליך רכות: היכרת כז כח
ברית עמך תקחנו לעבד עולם: התשחק־בו כצפור כט
ותקשרנו לנערותיך: יכרו עליו חברים יחצוהו בין ל
כנענים: התמלא בשכות עורו ובצלצל דגים ראשו: לא
שים־עליו כפך זכר מלחמה אל־תוסף: לב

## מא

הן־תחלתו נכזבה הגם אל־מראיו יטל: לא־אכזר כי א ב
יעורנו ומי הוא לפני יתיצב: מי הקדימני ואשלם תחת ג
כל־השמים לי־הוא: לא־אחריש בדיו ודבר־גבורות וחין ד
ערכו: מי־גלה פני לבושו בכפל רסנו מי יבוא: דלתי ה ו

מ, ו׳ מן קרי   יז׳ פחדיו קרי   כג׳ מא לא
לב׳ פתח בס״פ   מא, ב׳ למדנחאי יעירנו כתיב   ד׳ לו קרי

6 האָט גאָט געענטפֿערט איובן פֿון שטורעם און האָט געזאָגט:
7 גורט אָקאָרשט אָן ווי אַ מאַן דײַנע לענדן;
איך וועל דיך פֿרעגן, און דו מאַך מיך וויסן.
8 צי ווילסטו אויך פֿאַרשטערן מײַן משפּט?
ווילסטו מיך באַשולדיקן כּדי דו זאָלסט גערעכט זײַן?
9 אָדער צי האָסטו אַן אָרעם ווי גאָט,
און מיט אַ קָול ווי ער קענסטו דונערן?
10 ציר זיך אָקאָרשט אָן מיט שטאָלץ און הויכקייט,
און גלאַנץ און שײנקייט זאָלסטו אָנטאָן.
11 פֿאַרשפּרייט דעם גרים פֿון דײַן צאָרן,
און זע וווּ אַ שטאָלצער און דערנידער אים.
12 זע וווּ אַ שטאָלצער און מאַך אים אונטערטעניק,
און צעטרעט די רשעים אויף זייער אָרט.
13 באַהאַלט זיי אין שטויב אין אײנעם,
זייער פּנים פֿאַרדעק אין פֿאַרבאָרגעניש.
14 און איך אויך וועל דיר מודה זײַן,
אַז דײַן רעכטע האַנט קען דיר העלפֿן.

15 זע נאָר דעם וואַסערפֿערד וואָס איך האָב געמאַכט לעבן דיר;
גראָז ווי אַ רינד עסט ער.
16 זע נאָר, זײַן כּוח איז אין זײַנע לענדן,
און זײַן שטאַרקייט אין די פֿליישפֿעדים פֿון זײַן בויך.
17 ער שטעלט אויף זײַן עק ווי אַ צעדערבוים,
די אָדערן פֿון זײַנע דיכן זײַנען ווי צווײַגן.
18 זײַנע בײנער זײַנען רערן פֿון קופּער,
זײַנע קנאָכנס ווי אײַזערנע שטאַנגען.
19 ער איז די פֿער פֿון גאָטס דרכים,
בלויז זײַן באַשעפֿער קען ברענגען [אויף אים] זײַן שווערד.
20 וואָרום פֿוטער טראָגן אים די בערג,
וואָס אַלע חיות פֿון פֿעלד שפּילן זיך דאָרטן.
21 אונטער לאָטוסבײמער ליגט ער,
אין פֿאַרבאָרגעניש פֿון ראָר און זומפּ.
22 לאָטוסבײמער[א] באַשירעמען אים מיט זייער שאָטן[א],
אים רינגלען אַרום ווערבעס פֿון טײַך.
23 זע, דער טײַך פֿלייצט אַריבער, און ער אײַלט זיך ניט,
ער איז זיכער, ווען אַ ירדן שפּאַרט זיך אין זײַן מויל.
24 קען מען פֿאַר זײַנע אויגן אים כאַפּן,
מיט פֿאַסטקעס דורכלעכערן די נאָז?

25 קענסטו אַרויסציִען דעם לויָתן מיט אַ ווענדע,
און מיט אַ שטריק אַראָפּשלעפּן זײַן צונג?
26 קענסטו אַרײַנטאָן אַ ראָר אין זײַן נאָז,
אָדער מיט אַ דאָרן דורכבויערן זײַן קינבאַק?
27 וועט ער זיך פֿיל בעטן בײַ דיר?
צי וועט ער רעדן צו דיר ווייך?
28 וועט ער שליסן אַ בונד מיט דיר,
זאָלסט אים נעמען פֿאַר אַן אײביקן קנעכט?
29 קענסטו זיך שפּילן מיט אים ווי מיט אַ פֿויגל,
און אים צובינדן פֿאַר דײַנע מײדלעך?
30 וועלן זיך דינגען שותּפֿים איבער אים?
וועלן זיי אים צעטיילן צווישן די הענדלער?
31 קענסטו אָנפֿילן מיט שטעכערס זײַן פֿעל,
און מיט פֿישהאָקן זײַן קאָפּ?
32 טו אַרויף אויף אים דײַן האַנט!
דערמאָן זיך די מלחמה, וועסטו עס מער ניט טאָן.

## מא

1 זע, די האָפֿענונג ווערט צום נאַרן;
שוין פֿון זײַן אָנבליק ווערט מען דאָך אַנידער־געשלײדערט.
2 ניטאָ דער אַכזר [אויף זיך] וואָס זאָל אים וועלן אויפֿרייצן;
היינט ווער איז דער וואָס קען זיך שטעלן פֿאַר מיר?

3 ווער עס טרעט אַרויס אַקעגן מיר, דעם באַצאָל איך;
וואָס אונטערן גאַנצן הימל איז מײַן.
4 זאָל איך אים פֿאַרשווײַגן זײַנע פֿלוידערייען,
און דאָס האָפֿערדיקע רעדן, און זײַן שײנעם מענה־לשון?

5 [ב]ווער האָט אָפּגעדעקט דעם אויבערשלאַק פֿון זײַן מלבוש?
צו זײַן טאָפּעלן געביס ווער קען צוקומען?
6 די טירן פֿון זײַן פּנים ווער האָט געעפֿנט?

[א] וואָרטשפּיל: צֶאֱלים צִלְלוֹ.
[ב] נעמט ווידער אויף די שילדערונג פֿון לויָתן.

אַרום זיינע ציין איז אַן אימה.
7 שטאָלץ זיינען די פּאַנצערשופּן,
צונויפגעשלאָסן ווי מיט אַ זיגל אַ פעסטן;
8 איינע צו דער אַנדערער זיינען זיי נאָנט,
אַז אַ לופט קען ניט דורכגיין צווישן זיי.
9 איינע צו דער צווייטער איז באַהעפט,
זיי האַלטן זיך פעסט און צעשיידן זיך ניט.
10 זיין ניסן שטראַלט אַרויס אַ ליכט,
און זיינע אויגן זיינען ווי די ברעמען פון פרימאָרגן.
11 פון זיין מויל גייען פלאַמען,
פונקען פייער רייסן זיך אַרויס.
12 פון זיינע נאָזלעכער גייט אַ רויך,
ווי פון אַ קאָכיקן טאָפּ און [ברענעדיקן] ראָר.
13 זיין אָטעם גליט ווי קוילן,
און אַ פלאַקער גייט אַרויס פון זיין מויל.
14 אויף זיין האַלדז רוט די שטאַרקייט,
און אים פאַרויס טאַנצט די אַנגסט.
15 די קנייטשן פון זיין פליש זיינען באַהעפט;
עס איז פעסט אויף אים, עס רירט זיך ניט.
16 זיין האַרץ איז פעסט ווי שטיין,
יאָ, פעסט ווי אַן אונטערשטער מילשטיין.
17 פאַר זיין הייב שרעקן זיך די מאַכטיקע,
פון צעבראָכנקייט ווערן זיי אויסער זיך.
18 וויל מען אים אָנקרינגן, קען קיין שווערד ניט באַשטיין,
קיין שפּיז, קיין וואַרפשפּיז, און קיין פייל.
19 ער באַטראַכט אייזן פאַר שטרוי,
און קופּער פאַר האָלץ פאַרפוילטן.
20 אים פאַריאָגט ניט דער זון פון בויגן;
פאַרקערט אין שפּריי ווערן פאַר אים שלײַדערשטיינער.
21 ווי שפּריי זיינען פלעקער גערעכנט,
און ער לאַכט פון רַעַש פון דער פּיקע.
22 זיין אונטערזייט איז שפּיציקע שאַרבנס;
ער בעט אויס אַ דרעששליטן אויפן קויט.
23 ער צעקאָכט ווי אַ טאָפּ די טיפענִיש,
ער מאַכט דעם ים ווי זוד.
24 הינטער זיך לאָזט ער אַ ליכטיקן שטעג;
מע מיינט דער תהום איז גרייזגראָ.
25 ניטאָ אויף דער ערד זיין גליכן,
געמאַכט צו זיין אָן אַ מורא.
26 אויף יעטוועדער העכסטן קוקט ער אַראָפּ,
ער איז דער מלך איבער אַלע שטאָלצע חיות.

ז פָּנָיו מִי פִתֵּחַ סְבִיבוֹת שִׁנָּיו אֵימָה׃ גַּאֲוָה אֲפִיקֵי מָגִנִּים
ח סָגוּר חוֹתָם צָר׃ אֶחָד בְּאֶחָד יִגַּשׁוּ וְרוּחַ לֹא־יָבוֹא בֵינֵיהֶם׃
ט י אִישׁ־בְּאָחִיהוּ יְדֻבָּקוּ יִתְלַכְּדוּ וְלֹא יִתְפָּרָדוּ׃ עֲטִישֹׁתָיו
יא תָּהֶל אוֹר וְעֵינָיו כְּעַפְעַפֵּי־שָׁחַר׃ מִפִּיו לַפִּידִים יַהֲלֹכוּ
יב כִּידוֹדֵי אֵשׁ יִתְמַלָּטוּ׃ מִנְּחִירָיו יֵצֵא עָשָׁן כְּדוּד נָפוּחַ
יג יד וְאַגְמֹן׃ נַפְשׁוֹ גֶּחָלִים תְּלַהֵט וְלַהַב מִפִּיו יֵצֵא׃ בְּצַוָּארוֹ
טו יָלִין עֹז וּלְפָנָיו תָּדוּץ דְּאָבָה׃ מַפְּלֵי בְשָׂרוֹ דָבֵקוּ יָצוּק
טז עָלָיו בַּל־יִמּוֹט׃ לִבּוֹ יָצוּק כְּמוֹ־אָבֶן וְיָצוּק כְּפֶלַח תַּחְתִּית׃
יז יח מִשֵּׂתוֹ יָגוּרוּ אֵלִים מִשְּׁבָרִים יִתְחַטָּאוּ׃ מַשִּׂיגֵהוּ חֶרֶב
יט בְּלִי תָקוּם חֲנִית מַסָּע וְשִׁרְיָה׃ יַחְשֹׁב לְתֶבֶן בַּרְזֶל לְעֵץ
כ רִקָּבוֹן נְחוּשָׁה׃ לֹא־יַבְרִיחֶנּוּ בֶן־קָשֶׁת לְקַשׁ נֶהְפְּכוּ־לוֹ
כא אַבְנֵי־קָלַע׃ כְּקַשׁ נֶחְשְׁבוּ תוֹתָח וְיִשְׂחַק לְרַעַשׁ כִּידוֹן׃
כב כג תַּחְתָּיו חַדּוּדֵי חָרֶשׂ יִרְפַּד חָרוּץ עֲלֵי־טִיט׃ יַרְתִּיחַ כַּסִּיר
כד מְצוּלָה יָם יָשִׂים כַּמֶּרְקָחָה׃ אַחֲרָיו יָאִיר נָתִיב יַחְשֹׁב
כה תְּהוֹם לְשֵׂיבָה׃ אֵין־עַל־עָפָר מָשְׁלוֹ הֶעָשׂוּ לִבְלִי־חָת׃
כו אֵת כָּל־גָּבֹהַּ יִרְאֶה הוּא מֶלֶךְ עַל־כָּל־בְּנֵי־שָׁחַץ׃

מב

א ב וַיַּעַן אִיּוֹב אֶת־יְהוָה וַיֹּאמַר׃ יָדַעְתָּ כִּי־כֹל תּוּכָל וְלֹא־
ג יִבָּצֵר מִמְּךָ מְזִמָּה׃ מִי זֶה ׀ מַעְלִים עֵצָה בְּלִי דָעַת לָכֵן
ד הִגַּדְתִּי וְלֹא אָבִין נִפְלָאוֹת מִמֶּנִּי וְלֹא אֵדָע׃ שְׁמַע־נָא
ה וְאָנֹכִי אֲדַבֵּר אֶשְׁאָלְךָ וְהוֹדִיעֵנִי׃ לְשֵׁמַע אֹזֶן שְׁמַעְתִּיךָ
ו וְעַתָּה עֵינִי רָאָתְךָ׃ עַל־כֵּן אֶמְאַס וְנִחַמְתִּי עַל־עָפָר וָאֵפֶר׃
ז וַיְהִי אַחַר דִּבֶּר יְהוָה אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל־אִיּוֹב
וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־אֱלִיפַז הַתֵּימָנִי חָרָה אַפִּי בְךָ וּבִשְׁנֵי רֵעֶיךָ
ח כִּי לֹא דִבַּרְתֶּם אֵלַי נְכוֹנָה כְּעַבְדִּי אִיּוֹב׃ וְעַתָּה קְחוּ־לָכֶם
שִׁבְעָה־פָרִים וְשִׁבְעָה אֵילִים וּלְכוּ ׀ אֶל־עַבְדִּי אִיּוֹב וְהַעֲלִיתֶם
עוֹלָה בַּעַדְכֶם וְאִיּוֹב עַבְדִּי יִתְפַּלֵּל עֲלֵיכֶם כִּי ׀ אִם־פָּנָיו

מ א, ח׳ פתח באתנח    מ ב, ב׳ ידעתי קרי    ו׳ פתח באתנח

## מב

1 האָט איוב געענטפערט גאָט און האָט געזאָגט:
2 איך ווייס אַז אַלץ קענסטו טאָן,
און קיין טראַכטונג איז ניט פאַרמיטן פון דיר.
3 ווער קען דאָס פאַרהוילן די כּוונה אָן פאַרשטאַנדיקייט?
דרום זאָג איך אַז איך פאַרשטיי ניט;
וווּנדער זיינען דאָס פאַר מיר, און איך ווייס ניט.
4 הער, איך בעט דיך, און איך וועל רעדן;
איך וועל דיך פרעגן, און דו מאַך מיך וויסן.
5 מיט געהער פון אויער האָב איך פון דיר געהערט,
און אַצונד האָט מיין אויג דיך געזען.
6 דרום פאַראַכט איך [מיינע רייד] און האָב חרטה,
אין שטויב און אַש.

7 און עס איז געווען נאָכדעם ווי גאָט האָט גערעדט די דאָזיקע ווערטער צו איובן, האָט גאָט געזאָגט צו אֶליפַז דעם
תֵּימָני: מיין צאָרן גרימט אויף דיר און אויף דיינע צוויי גוטע פריינט, פאַרוואָס איר האָט ניט גערעדט וועגן מיר אַזוי אויפ־
ריכטיק ווי מיין קנעכט איוב. 8 און אַצונד נעמט אַייך זיבן אָקסן און זיבן ווידערס, און גייט צו מיין קנעכט איובן, און
איר זאָלט אויפברענגען אַ בראַנדאָפּפער פאַר אַייך, און איוב מיין קנעכט וועט מתפלל זיין פאַר אַייך, וואָרום בלויז זיין

אֶשָּׂא לְבִלְתִּי עֲשׂוֹת עִמָּכֶם נְבָלָה כִּי לֹא דִבַּרְתֶּם אֵלַי
נְכוֹנָה כְּעַבְדִּי אִיּוֹב׃ וַיֵּלְכוּ אֱלִיפַז הַתֵּימָנִי וּבִלְדַּד הַשּׁוּחִי ט
צֹפַר הַנַּעֲמָתִי וַיַּעֲשׂוּ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵיהֶם יְהוָה וַיִּשָּׂא
יְהוָה אֶת־פְּנֵי אִיּוֹב׃ וַיהוָה שָׁב אֶת־שְׁבִית אִיּוֹב בְּהִתְפַּלְלוֹ י
בְּעַד רֵעֵהוּ וַיֹּסֶף יְהוָה אֶת־כָּל־אֲשֶׁר לְאִיּוֹב לְמִשְׁנֶה׃
וַיָּבֹאוּ אֵלָיו כָּל־אֶחָיו וְכָל־אַחְיֹתָיו וְכָל־יֹדְעָיו לְפָנִים יא
וַיֹּאכְלוּ עִמּוֹ לֶחֶם בְּבֵיתוֹ וַיָּנֻדוּ לוֹ וַיְנַחֲמוּ אֹתוֹ עַל כָּל־
הָרָעָה אֲשֶׁר־הֵבִיא יְהוָה עָלָיו וַיִּתְּנוּ־לוֹ אִישׁ קְשִׂיטָה אֶחָת
וְאִישׁ נֶזֶם זָהָב אֶחָד׃ וַיהוָה בֵּרַךְ אֶת־אַחֲרִית אִיּוֹב יב
מֵרֵאשִׁתוֹ וַיְהִי־לוֹ אַרְבָּעָה עָשָׂר אֶלֶף צֹאן וְשֵׁשֶׁת אֲלָפִים
גְּמַלִּים וְאֶלֶף צֶמֶד בָּקָר וְאֶלֶף אֲתוֹנוֹת׃ וַיְהִי־לוֹ שִׁבְעָנָה יג
בָנִים וְשָׁלוֹשׁ בָּנוֹת׃ וַיִּקְרָא שֵׁם־הָאַחַת יְמִימָה וְשֵׁם יד
הַשֵּׁנִית קְצִיעָה וְשֵׁם הַשְּׁלִישִׁית קֶרֶן הַפּוּךְ׃ וְלֹא נִמְצָא טו
נָשִׁים יָפוֹת כִּבְנוֹת אִיּוֹב בְּכָל־הָאָרֶץ וַיִּתֵּן לָהֶם אֲבִיהֶם
נַחֲלָה בְּתוֹךְ אֲחֵיהֶם׃ וַיְחִי אִיּוֹב אַחֲרֵי־זֹאת מֵאָה וְאַרְבָּעִים טז
שָׁנָה וַיַּרְא אֶת־בָּנָיו וְאֶת־בְּנֵי בָנָיו אַרְבָּעָה דֹּרוֹת׃ וַיָּמָת יז
אִיּוֹב זָקֵן וּשְׂבַע יָמִים׃

י׳ שבות קרי   טז׳ ויראה קרי

פנים שוין איך, אַייך ניט אָנצוטאָן קיין שאַנד, ווייל איר האָט ניט גערעדט וועגן מיר אַזוי אויפריכטיק ווי מיין קנעכט איוב.

9 איז אֶליפַז דער תֵּימָני, און בִּלדַד דער שוּחי, און צוֹפַר דער נַעֲמָתי, געגאַנגען, און זיי האָבן געטאָן אַזוי ווי גאָט האָט צו זיי גערעדט; און גאָט האָט געשוינט איובס פנים.

10 און גאָט האָט אומגעקערט איובס שאָדן, אַז ער האָט מתפלל געווען פאַר זיינע גוטע פריינט; און גאָט האָט געמערט אַלץ וואָס איוב האָט געהאַט טאָפּל. 11 און אַלע זיינע ברידער, און אַלע זיינע שוועסטער, און אַלע זיינע באַקענטע פון פריער, זיינען געקומען צו אים, און האָבן געגעסן מיט אים ברויט אין זיין הויז, און זיי האָבן אים באַדויערט, און אים געטרייסט אויף אַלדעם בייז וואָס גאָט האָט אויף אים געבראַכט; און זיי האָבן אים געגעבן איטלעכער אַ קשיטה[א], און איטלעכער אַ גילדערנעם נאָזרינג.

12 און גאָט האָט געבענטשט איובס לעצט מער ווי זיין אָנהייב, און ער האָט געהאַט פערצן טויזנט שאָף, און זעקס טויזנט קעמלען, און טויזנט געשפּאַן רינדער, און טויזנט אייזעלינס. 13 און ער האָט געהאַט זיבן זין און דריי טעכטער. 14 און ער האָט גערופן דעם נאָמען פון איינער ימימָה[ב], און דעם נאָמען פון דער צווייטער קציעָה[ג], און דעם נאָמען פון דער דריטער קֶרֶן־הַפּוּך[ד]. 15 און אין גאַנצן לאַנד האָבן זיך ניט געפונען אַזעלכע שיינע פרויען ווי איובס טעכטער. און זייער פאָטער האָט זיי געגעבן אַ נחלה צווישן זייערע ברידער.

16 און איוב האָט געלעבט נאָך דעם הונדערט און פערציק יאָר; און ער האָט געזען זיינע קינדער און זיינע קינדס־קינדער, פיר דורות. 17 און איוב איז געשטאָרבן אַלט און זאַט מיט טעג.

[א] אַ געלטשטיק. [ב] טויב, אָדער טאָג (שיין אָדער ליכטיק ווי דער טאָג). [ג] צימערינג, אָדער קאַניִיל. [ד] האָרן פון אויגנפאַרב.

# חזק

סכום פסוקי איוב אלף ושבעים. וסימנו וגליתי להם עתרת שלום ואמת. וחציו אשר קמטו ולא עת. וסדריו שמונה. וסימנו אהב ה׳ שערי ציון׃



# שִׁיר הַשִּׁירִים

א ב שִׁיר הַשִּׁירִים אֲשֶׁר לִשְׁלֹמֹה׃ יִשָּׁקֵנִי מִנְּשִׁיקוֹת פִּיהוּ כִּי־
ג טוֹבִים דֹּדֶיךָ מִיָּיִן׃ לְרֵיחַ שְׁמָנֶיךָ טוֹבִים שֶׁמֶן תּוּרַק שְׁמֶךָ
ד עַל־כֵּן עֲלָמוֹת אֲהֵבוּךָ׃ מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה הֱבִיאַנִי
הַמֶּלֶךְ חֲדָרָיו נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בָּךְ נַזְכִּירָה דֹדֶיךָ מִיַּיִן
ה מֵישָׁרִים אֲהֵבוּךָ׃ שְׁחוֹרָה אֲנִי וְנָאוָה בְּנוֹת יְרוּשָׁלִָם
ו כְּאָהֳלֵי קֵדָר כִּירִיעוֹת שְׁלֹמֹה׃ אַל־תִּרְאוּנִי שֶׁאֲנִי שְׁחַרְחֹרֶת
שֶׁשְּׁזָפַתְנִי הַשָּׁמֶשׁ בְּנֵי אִמִּי נִחֲרוּ־בִי שָׂמֻנִי נֹטֵרָה אֶת־
ז הַכְּרָמִים כַּרְמִי שֶׁלִּי לֹא נָטָרְתִּי׃ הַגִּידָה לִּי שֶׁאָהֲבָה
נַפְשִׁי אֵיכָה תִרְעֶה אֵיכָה תַּרְבִּיץ בַּצָּהֳרָיִם שַׁלָּמָה אֶהְיֶה
ח כְּעֹטְיָה עַל עֶדְרֵי חֲבֵרֶיךָ׃ אִם־לֹא תֵדְעִי לָךְ הַיָּפָה בַּנָּשִׁים
צְאִי־לָךְ בְּעִקְבֵי הַצֹּאן וּרְעִי אֶת־גְּדִיֹּתַיִךְ עַל מִשְׁכְּנוֹת
ט י הָרֹעִים׃ לְסֻסָתִי בְּרִכְבֵי פַרְעֹה דִּמִּיתִיךְ רַעְיָתִי׃ נָאווּ
יא לְחָיַיִךְ בַּתֹּרִים צַוָּארֵךְ בַּחֲרוּזִים׃ תּוֹרֵי זָהָב נַעֲשֶׂה־לָּךְ
יב עִם נְקֻדּוֹת הַכָּסֶף׃ עַד־שֶׁהַמֶּלֶךְ בִּמְסִבּוֹ נִרְדִּי נָתַן רֵיחוֹ׃
יג יד צְרוֹר הַמֹּר ׀ דּוֹדִי לִי בֵּין שָׁדַי יָלִין׃ אֶשְׁכֹּל הַכֹּפֶר ׀ דּוֹדִי
טו לִי בְּכַרְמֵי עֵין גֶּדִי׃ הִנָּךְ יָפָה רַעְיָתִי הִנָּךְ יָפָה עֵינַיִךְ יוֹנִים׃
טז יז הִנְּךָ יָפֶה דוֹדִי אַף נָעִים אַף־עַרְשֵׂנוּ רַעֲנָנָה׃ קֹרוֹת בָּתֵּינוּ
אֲרָזִים רַהִיטֵנוּ בְּרוֹתִים׃

ב

א ב אֲנִי חֲבַצֶּלֶת הַשָּׁרוֹן שׁוֹשַׁנַּת הָעֲמָקִים׃ כְּשׁוֹשַׁנָּה בֵּין

---

א, א׳ שי״ונתי   ד׳ נ״א משכני אחריך   יז׳ רהיטנו (ובס״א, כ׳) קרי

## א

1 דאָס געזאַנג פון געזאַנגען, וואָס פון שלמהן.

2 קושן זאָל ער מיך מיט די קושן פון זיין מויל;
וואָרום בעסער פון וויין איז דיין ליבשאַפט.
3 ווייל צום גערוך זיינען דיינע איילן,
געקלערטע בוימל איז דיין נאָמען[א],
דרום האָבן יונגפרויען דיך ליב.

4 צי מיך נאָך דיר, לאָמיר לויפן!—
זאָל דער מלך מיך ברענגען אין זיינע קאַמערן,
מיר וועלן זיין לוסטיק און פריילעך מיט דיר,
מיר וועלן לויבן דיין ליבשאַפט
מערער פון וויין.
אמת ליב האָט מען דיך.

5 שוואַרץ בין איך, אָבער שיין,
טעכטער פון ירושָלַים,
ווי די געצעלטן פון קֵדָר,
ווי די פאָרהאַנגען שלמהס.
6 ניט קוקט מיך אָן וואָס איך בין שוואַרצלעך,
וואָרום די זון האָט מיך אָפּגעברענט.
די זין פון מיין מוטער האָבן געצערנט אויף מיר,
זיי האָבן מיך געמאַכט אַ היטערין פון די ווייngערטנער;
מיין אייגענעם ווייngאָרטן האָב איך ניט אָפּגעהיט.

7 זאָג מיר דו וועמען מיין זעל האָט ליב,
וווּ פּיטערסטו,
וווּ מאַכסטו הויערן אין מיטן טאָג?
וואָרום נאָך וואָס זאָל איך זיין ווי אַן אַרומטרייבערין
ביי די סטאַדעס פון דיינע חברים?

8 אויב דו ווייסט עס דיר ניט,
דו שענסטע פון פרויען,
גיי דיר אַרויס אין די טריט פון די שאָף,
און פּיטער דיינע ציקעלעך ביי די פּאַסטוכ־
געצעלטן.
9 צו אַ פערדין אין פּרעהס רייטוואָגן
האָב איך דיך געגליכן, געליבטע מיין.
10 שיין זיינען דיינע באַקן אין די קייטלעך,
דיין האַלדז אין די שנורן.
11 גילדערנע קייטלעך דיר וועלן מיר מאַכן,
מיט פּינטלעך פון זילבער.

12 בעת דער מלך איז געווען אויף זיין הסב־בעט,
האָט מיין נאַרד געגעבן זיין ריח.
13 אַ בינטל מירע וואָס רוט צווישן מיינע בריסט,
איז מיין געליבטער מיר.

14 אַ הענגל ציפּערבלומען אין עֵין־גֶדיס וויינגערטנער
איז מיין געליבטער מיר.

15 ביסט שיין, געליבטע מיין, ביסט שיין,
דיינע אויגן זיינען טויבן.

16 ביסט שיין געליבטער מיין, און ליבלעך,
גרין אויך איז אונדזער געלעגער;
17 אונדזערע הויזבאַלקנס צעדערן,
אונדזערע וואַנטברעטער ציפּרעסן.

## ב

1 איך בין אַ רויז פון שָרון,
אַ ליליע פון די טאָלן.

2 ווי אַ ליליע צווישן די דערנער,
אַזוי איז מיין געליבטע צווישן די טעכטער.

---

[א] וואָרטשפּיל: שֶׁמֶן־שְׁמֶךָ.

³ ווי אַן עפּלבוים צווישן די וואַלדביימער,
אַזוי איז מיין געליבטער צווישן די זין.
אין זיין שאָטן געלוסט איך צו זיצן,
און זיס איז זיין פּרוכט צו מיין גומען.

⁴ ער האָט מיך געבראַכט אין דער וויינקאַמער,
און זיין פאָן איבער מיר איז ליבשאַפט געווען.

⁵ לאַבט מיך מיט טרויבקוכנס,
קוויקט מיך מיט עפּל,
וואָרום קראַנק פון ליבשאַפט בין איך.
⁶ זיין לינקע האַנט אונטער מיין קאָפּ,
און זיין רעכטע זאָל מיך אַרומנעמען.

⁷ איך באַשווער אייך, טעכטער פון ירושָלַיִם,
ביי די הירשן אָדער ביי די הינדן פון פעלד,
אויב איר וועט וועקן
און אויב איר וועט אויפוועקן די ליבשאַפט,
ביז זי וועט באַגערן.

⁸ האָרך! מיין געליבטער!
אָט־אָ קומט ער;
ער שפּרינגט איבער די בערג,
ער הופּט איבער די הייכן.
⁹ מיין געליבטער איז געגליכן צו אַ הירש,
אָדער צו אַ הינד אַ יונגן;
אָט־אָ שטייט ער הינטער אונדזער וואַנט,
ער קוקט דורך די פענצטער,
ער בליקט דורך די גראַטקעס.

¹⁰ האָט זיך אָפּגערופן מיין געליבטער,
און געזאָגט צו מיר:
שטיי דיר אויף מיין געליבטע,
מיין שיינע, און קום דיר.

¹¹ וואָרום זע, דער ווינטער איז אַריבער,
דער רעגן איז פאַרגאַנגען, אַוועק.

¹² די בלומען האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד,
די צייט פון געזאַנג איז געקומען,
און דער קול פון דער טורטלטויב
לאָזט זיך הערן אין אונדזער לאַנד.

¹³ דער פייגנבוים צייטיקט זיינע פריפייגן,
און די ווייַנשטאָקן אין בליאונג גיבן אַ ריח.
שטיי דיר אויף, מיין געליבטע,
מיין שיינע, און קום דיר.

¹⁴ מיין טויב אין די שפּאַלטן פון פעלז,
אין דער פאַרבאָרגעניש פונעם באַרגטרעפּ,
לאָז מיך אָנזען דיין פּנים,
לאָז מיך הערן דיין קָול,
וואָרום דיין קָול איז זיס,
און דיין פּנים איז שיין.

¹⁵ כאַפּט אונדז די פיקס,
קליינע פיקס וואָס פאַרדאַרבן די ווייַנגערטנער,
וואָרום אונדזערע ווייַנגערטנער זיינען אין בליאונג.

¹⁶ מיין געליבטער געהערט מיר,
און איך געהער אים,
דעם וואָס וואַנדערט
צווישן די ליליען.

¹⁷ ביז פאַרווייען וועט דער טאָג,
און אַנטרינען וועלן די שאָטנס,
דריי זיך אום, מיין געליבטער,
און זיי געגליכן צו אַ הירש,

ג הַחוֹחִים כֵּן רַעְיָתִי בֵּין הַבָּנוֹת׃ כְּתַפּוּחַ בַּעֲצֵי הַיַּעַר כֵּן
דּוֹדִי בֵּין הַבָּנִים בְּצִלּוֹ חִמַּדְתִּי וְיָשַׁבְתִּי וּפִרְיוֹ מָתוֹק לְחִכִּי׃
ד ה הֱבִיאַנִי אֶל־בֵּית הַיָּיִן וְדִגְלוֹ עָלַי אַהֲבָה׃ סַמְּכוּנִי בָּאֲשִׁישׁוֹת
רַפְּדוּנִי בַּתַּפּוּחִים כִּי־חוֹלַת אַהֲבָה אָנִי׃ שְׂמֹאלוֹ תַּחַת
ו ז לְרֹאשִׁי וִימִינוֹ תְּחַבְּקֵנִי׃ הִשְׁבַּעְתִּי אֶתְכֶם בְּנוֹת יְרוּשָׁלִַם
בִּצְבָאוֹת אוֹ בְּאַיְלוֹת הַשָּׂדֶה אִם־תָּעִירוּ ׀ וְאִם־תְּעוֹרְרוּ
ח אֶת־הָאַהֲבָה עַד שֶׁתֶּחְפָּץ׃ קוֹל דּוֹדִי הִנֵּה־זֶה בָּא מְדַלֵּג
ט עַל־הֶהָרִים מְקַפֵּץ עַל־הַגְּבָעוֹת׃ דּוֹמֶה דוֹדִי לִצְבִי אוֹ
לְעֹפֶר הָאַיָּלִים הִנֵּה־זֶה עוֹמֵד אַחַר כָּתְלֵנוּ מַשְׁגִּיחַ מִן־
י הַחַלֹּנוֹת מֵצִיץ מִן־הַחֲרַכִּים׃ עָנָה דוֹדִי וְאָמַר לִי קוּמִי
יא לָךְ רַעְיָתִי יָפָתִי וּלְכִי־לָךְ׃ כִּי־הִנֵּה הַסְּתָו עָבָר הַגֶּשֶׁם
יב חָלַף הָלַךְ לוֹ׃ הַנִּצָּנִים נִרְאוּ בָאָרֶץ עֵת הַזָּמִיר הִגִּיעַ וְקוֹל
יג הַתּוֹר נִשְׁמַע בְּאַרְצֵנוּ׃ הַתְּאֵנָה חָנְטָה פַגֶּיהָ וְהַגְּפָנִים ׀
יד סְמָדַר נָתְנוּ רֵיחַ קוּמִי לָכִי רַעְיָתִי יָפָתִי וּלְכִי־לָךְ׃ יוֹנָתִי
בְּחַגְוֵי הַסֶּלַע בְּסֵתֶר הַמַּדְרֵגָה הַרְאִינִי אֶת־מַרְאַיִךְ
טו הַשְׁמִיעִנִי אֶת־קוֹלֵךְ כִּי־קוֹלֵךְ עָרֵב וּמַרְאֵיךְ נָאוֶה׃ אֶחֱזוּ־
לָנוּ שׁוּעָלִים שֻׁעָלִים קְטַנִּים מְחַבְּלִים כְּרָמִים וּכְרָמֵינוּ
טז יז סְמָדַר׃ דּוֹדִי לִי וַאֲנִי לוֹ הָרֹעֶה בַּשּׁוֹשַׁנִּים׃ עַד שֶׁיָּפוּחַ
הַיּוֹם וְנָסוּ הַצְּלָלִים סֹב דְּמֵה־לְךָ דוֹדִי לִצְבִי אוֹ לְעֹפֶר
הָאַיָּלִים עַל־הָרֵי בָתֶר׃

## ג

א עַל־מִשְׁכָּבִי בַּלֵּילוֹת בִּקַּשְׁתִּי אֵת שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי בִּקַּשְׁתִּיו
ב וְלֹא מְצָאתִיו׃ אָקוּמָה נָּא וַאֲסוֹבְבָה בָעִיר בַּשְּׁוָקִים
וּבָרְחֹבוֹת אֲבַקְשָׁה אֵת שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי בִּקַּשְׁתִּיו וְלֹא
ג מְצָאתִיו׃ מְצָאוּנִי הַשֹּׁמְרִים הַסֹּבְבִים בָּעִיר אֵת
ד שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי רְאִיתֶם׃ כִּמְעַט שֶׁעָבַרְתִּי מֵהֶם עַד
שֶׁמָּצָאתִי אֵת שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי אֲחַזְתִּיו וְלֹא אַרְפֶּנּוּ עַד־

---

ב. ד׳ קמץ בז״ק  ב ס״א ודגלו עלי  ה׳ ס״א בּ׳  יא׳ הסתיו קרי
יג׳ לך קרי  יד׳ יתיר י  טו׳ פתח בס״פ

אָדער צו אַ הינד אַ יונגן,
אויף די צעשפּאָלטענע בערג.

## ג

¹ אויף מיין געלעגער ביי נאַכט
האָב איך געזוכט דעם וואָס מיין זעל האָט ליב;
איך האָב אים געזוכט,
און האָב אים ניט געפונען.
² „לאָמיך אויפשטיין און אַרומגיין אין שטאָט,
אין די מערק און אין די גאַסן,
לאָמיך זוכן דעם וואָס מיין זעל האָט ליב".
איך האָב אים געזוכט,
און האָב אים ניט געפונען.
³ האָבן מיר געטראָפן די וועכטער
וואָס גייען אַרום אין דער שטאָט:
דעם וואָס מיין זעל האָט ליב
צי האָט איר געזען?
⁴ קוים בין איך אַוועק פון זיי,
באַלד האָב איך געפונען,
דעם וואָס מיין זעל האָט ליב;
האָב איך אים אָנגענומען
און האָב אים ניט אָפּגעלאָזט,

שֶׁהֲבֵיאתִיו אֶל־בֵּית אִמִּי וְאֶל־חֶדֶר הוֹרָתִי׃ הִשְׁבַּעְתִּי ה
אֶתְכֶם בְּנוֹת יְרוּשָׁלִַם בִּצְבָאוֹת אוֹ בְּאַיְלוֹת הַשָּׂדֶה אִם־
תָּעִירוּ ׀ וְאִם־תְּעוֹרְרוּ אֶת־הָאַהֲבָה עַד שֶׁתֶּחְפָּץ׃ מִי זֹאת ו
עֹלָה מִן־הַמִּדְבָּר כְּתִימֲרוֹת עָשָׁן מְקֻטֶּרֶת מוֹר וּלְבוֹנָה מִכֹּל
אַבְקַת רוֹכֵל׃ הִנֵּה מִטָּתוֹ שֶׁלִּשְׁלֹמֹה שִׁשִּׁים גִּבֹּרִים סָבִיב ז
לָהּ מִגִּבֹּרֵי יִשְׂרָאֵל׃ כֻּלָּם אֲחֻזֵי חֶרֶב מְלֻמְּדֵי מִלְחָמָה ח
אִישׁ חַרְבּוֹ עַל־יְרֵכוֹ מִפַּחַד בַּלֵּילוֹת׃ אַפִּרְיוֹן עָשָׂה לוֹ ט
הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה מֵעֲצֵי הַלְּבָנוֹן׃ עַמּוּדָיו עָשָׂה כֶסֶף רְפִידָתוֹ י
זָהָב מֶרְכָּבוֹ אַרְגָּמָן תּוֹכוֹ רָצוּף אַהֲבָה מִבְּנוֹת יְרוּשָׁלִָם׃
צְאֶינָה ׀ וּרְאֶינָה בְּנוֹת צִיּוֹן בַּמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה בָּעֲטָרָה שֶׁעִטְּרָה־ יא
לּוֹ אִמּוֹ בְּיוֹם חֲתֻנָּתוֹ וּבְיוֹם שִׂמְחַת לִבּוֹ׃

ד

הִנָּךְ יָפָה רַעְיָתִי הִנָּךְ יָפָה עֵינַיִךְ יוֹנִים מִבַּעַד לְצַמָּתֵךְ א
שַׂעְרֵךְ כְּעֵדֶר הָעִזִּים שֶׁגָּלְשׁוּ מֵהַר גִּלְעָד׃ שִׁנַּיִךְ כְּעֵדֶר ב
הַקְּצוּבוֹת שֶׁעָלוּ מִן־הָרַחְצָה שֶׁכֻּלָּם מַתְאִימוֹת וְשַׁכֻּלָה
אֵין בָּהֶם׃ כְּחוּט הַשָּׁנִי שִׂפְתֹתַיִךְ וּמִדְבָּרֵיךְ נָאוֶה כְּפֶלַח ג
הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ מִבַּעַד לְצַמָּתֵךְ׃ כְּמִגְדַּל דָּוִיד צַוָּארֵךְ בָּנוּי ד
לְתַלְפִּיּוֹת אֶלֶף הַמָּגֵן תָּלוּי עָלָיו כֹּל שִׁלְטֵי הַגִּבֹּרִים׃
שְׁנֵי שָׁדַיִךְ כִּשְׁנֵי עֳפָרִים תְּאוֹמֵי צְבִיָּה הָרוֹעִים בַּשּׁוֹשַׁנִּים׃ ה
עַד שֶׁיָּפוּחַ הַיּוֹם וְנָסוּ הַצְּלָלִים אֵלֶךְ לִי אֶל־הַר הַמּוֹר ו
וְאֶל־גִּבְעַת הַלְּבוֹנָה׃ כֻּלָּךְ יָפָה רַעְיָתִי וּמוּם אֵין בָּךְ׃ אִתִּי ז ח
מִלְּבָנוֹן כַּלָּה אִתִּי מִלְּבָנוֹן תָּבוֹאִי תָּשׁוּרִי ׀ מֵרֹאשׁ אֲמָנָה
מֵרֹאשׁ שְׂנִיר וְחֶרְמוֹן מִמְּעֹנוֹת אֲרָיוֹת מֵהַרְרֵי נְמֵרִים׃
לִבַּבְתִּנִי אֲחֹתִי כַלָּה לִבַּבְתִּנִי בְּאַחַד מֵעֵינַיִךְ בְּאַחַד עֲנָק ט
מִצַּוְּרֹנָיִךְ׃ מַה־יָּפוּ דֹדַיִךְ אֲחֹתִי כַלָּה מַה־טֹּבוּ דֹדַיִךְ מִיַּיִן י
וְרֵיחַ שְׁמָנַיִךְ מִכָּל־בְּשָׂמִים׃ נֹפֶת תִּטֹּפְנָה שִׂפְתוֹתַיִךְ כַּלָּה יא
דְּבַשׁ וְחָלָב תַּחַת לְשׁוֹנֵךְ וְרֵיחַ שַׂלְמֹתַיִךְ כְּרֵיחַ לְבָנוֹן׃

---

ג, ד׳ יהדר י   יא׳ בס״א ה״י ונ״א בְּאנה   ד, ט׳ באחת קרי

ביז איך האָב אים געבראַכט
אין הויז פון מיין מוטער,
און אין קאַמער פון מיין געווינערין.
5 איך באַשווער אײַך, טעכטער פון ירושָלַיִם,
ביי די הירשן אָדער ביי די הינדן פון פעלד,
אויב איר וועט וועקן
און אויב איר וועט אויפוועקן די ליבשאַפט,
ביז זי וועט באַגערן.
6 ווער איז די וואָס גייט אויף פונעם מדבר,
אַזוי ווי זיילן פון רויך,
באַרײַכערט מיט מירע און ווייִרויך,
מיט אַלערליי ווירצשטויב פון קרעמער?
7 אָט איז דאָס בעט פון שלמהן,
זעכציק גיבּורים אַרום איר,
פון די גיבּורים פון ישׂראל;
8 אַלע באַגורט מיט אַ שווערד,
געניט אין מלחמה;
איטלעך זיין שווערד אויף זיין דיך,
פון וועגן דער אַנגסט אין די נעכט.
9 אַ הימלבעט האָט זיך מלך שלמה געמאַכט
פון האָלצן פון לבָנון;
10 אירע זיילן האָט ער פון זילבער געמאַכט,
איר אָנלען פון גאָלד,
איר אויסבעט פון פורפל;
אינעווייניק געפלאַסטערט מיט ליבשאַפט
פון די טעכטער פון ירושָלַיִם.
11 גייט אַרויס, טעכטער פון ציון,
און קוקט אָן מלך שלמה,
אין דער קרוין וואָס זיין מוטער האָט אים באַקריינט,
אין טאָג פון זיין חתונה,
און אין טאָג פון זיין האַרצנפרייד.

ד
1 ביסט שיין, געליבטע מיין, ביסט שיין,
דיינע אויגן זיינען טויבן
פון דיין שלייער אַדורך;
דיינע האָר ווי אַ סטאַדע ציגן
וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פון באַרג גִלעָד.
2 דיינע ציין ווי אַ סטאַדע שאָף געטאָקטע,
וואָס קומען אַרויף פון געוועש,
וואָס צווילינגען זיך אַלע[א],
און ניטאָ קיין פאַרוואַרפערין[א] צווישן זיי.
3 ווי אַ רויט פאָדים זיינען דיינע ליפּן,
און דיין מויל איז באַחנט;
ווי אַן אויפשניט מילגרוים איז דיין שלייף
פון דיין שלייער אַדורך.
4 דיין האַלדז ווי דער טורעם פון דוד,
אויף אָנצוקוקן געבויט—
טויזנט פאַנצערס הענגען אויף אים,
אַלע שילדן פון די גיבּורים.
5 דיינע צוויי בריסט ווי צוויי הירשלעך,
צווילינגס פון אַ הירשין,
וואָס פיטערן זיך צווישן די ליליען.
6 ביז פאַרווייען וועט דער טאָג
און אַנטרינען וועלן די שאָטנס,
וועל איך מיר גיין צום באַרג פון מירע,
און צום בערגל פון ווייִרויך.
7 ביסט אין גאַנצן שיין, געליבטע מיין,
און קיין פעלער איז אין דיר ניטאָ.
8 מיט מיר פון לבָנון, מיין כלה,
מיט מיר פון לבָנון זאָלסטו קומען;
וועסט אַראָפּקוקן פון שפּיץ פון אֲמָנָה,
פון שפּיץ פון שׂניר און חֶרמון,
פון די וווינונגען פון די לייבן,
פון די בערג פון די לעמפּערטן.
9 האָסט סהאַרץ מיר געפאַנגען,
שוועסטער מיין כלה,
האָסט סהאַרץ מיר געפאַנגען
מיט איינעם פון דיינע בליקן,
מיט איין שנור פון דיינע האַלדזבענדער.
10 ווי שיין איז דיין ליבשאַפט,
שוועסטער מיין כלה,
ווי בעסער דיין ליבשאַפט פון וויין,
און דער ריח פון דיינע איילן,
פון אַלערליי בשׂמים!
11 האָניקזאַפט טריפן[ב] דיינע ליפּן, מיין כלה,
האָניק און מילך איז אונטער דיין צונג,
און דער ריח פון דיינע קליידער
ווי דער ריח פון לבָנון.

[א] וואָרטשפּיל: שֶׁכֻּלָּם-שַׁכֻּלָה. [ב] וואָרטשפּיל: נֹפֶת תִּטֹּפְנָה.

יב יג גַּן ׀ נָעוּל אֲחֹתִי כַלָּה גַּל נָעוּל מַעְיָן חָתוּם׃ שְׁלָחַיִךְ
יד פַּרְדֵּס רִמּוֹנִים עִם פְּרִי מְגָדִים כְּפָרִים עִם־נְרָדִים׃ נֵרְדְּ ׀
וְכַרְכֹּם קָנֶה וְקִנָּמוֹן עִם כָּל־עֲצֵי לְבוֹנָה מֹר וַאֲהָלוֹת עִם
טו כָּל־רָאשֵׁי בְשָׂמִים׃ מַעְיַן גַּנִּים בְּאֵר מַיִם חַיִּים וְנֹזְלִים
טז מִן־לְבָנוֹן׃ עוּרִי צָפוֹן וּבוֹאִי תֵימָן הָפִיחִי גַנִּי יִזְּלוּ בְשָׂמָיו
יָבֹא דוֹדִי לְגַנּוֹ וְיֹאכַל פְּרִי מְגָדָיו׃

ה

א בָּאתִי לְגַנִּי אֲחֹתִי כַלָּה אָרִיתִי מוֹרִי עִם־בְּשָׂמִי אָכַלְתִּי
יַעְרִי עִם־דִּבְשִׁי שָׁתִיתִי יֵינִי עִם־חֲלָבִי אִכְלוּ רֵעִים שְׁתוּ
ב וְשִׁכְרוּ דּוֹדִים׃ אֲנִי יְשֵׁנָה וְלִבִּי עֵר קוֹל ׀ דּוֹדִי דוֹפֵק
פִּתְחִי־לִי אֲחֹתִי רַעְיָתִי יוֹנָתִי תַמָּתִי שֶׁרֹּאשִׁי נִמְלָא־טָל
ג קְוֻצּוֹתַי רְסִיסֵי לָיְלָה׃ פָּשַׁטְתִּי אֶת־כֻּתָּנְתִּי אֵיכָכָה אֶלְבָּשֶׁנָּה
ד רָחַצְתִּי אֶת־רַגְלַי אֵיכָכָה אֲטַנְּפֵם׃ דּוֹדִי שָׁלַח יָדוֹ מִן־
ה הַחֹר וּמֵעַי הָמוּ עָלָיו׃ קַמְתִּי אֲנִי לִפְתֹּחַ לְדוֹדִי וְיָדַי
ו נָטְפוּ מוֹר וְאֶצְבְּעֹתַי מוֹר עֹבֵר עַל כַּפּוֹת הַמַּנְעוּל׃ פָּתַחְתִּי
אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי חָמַק עָבָר נַפְשִׁי יָצְאָה בְדַבְּרוֹ בִּקַּשְׁתִּיהוּ
ז וְלֹא מְצָאתִיהוּ קְרָאתִיו וְלֹא עָנָנִי׃ מְצָאֻנִי הַשֹּׁמְרִים
הַסֹּבְבִים בָּעִיר הִכּוּנִי פְצָעוּנִי נָשְׂאוּ אֶת־רְדִידִי מֵעָלַי
ח שֹׁמְרֵי הַחֹמוֹת׃ הִשְׁבַּעְתִּי אֶתְכֶם בְּנוֹת יְרוּשָׁלִָם אִם־
ט תִּמְצְאוּ אֶת־דּוֹדִי מַה־תַּגִּידוּ לוֹ שֶׁחוֹלַת אַהֲבָה אָנִי׃ מַה־
דּוֹדֵךְ מִדּוֹד הַיָּפָה בַּנָּשִׁים מַה־דּוֹדֵךְ מִדּוֹד שֶׁכָּכָה
י יא הִשְׁבַּעְתָּנוּ׃ דּוֹדִי צַח וְאָדוֹם דָּגוּל מֵרְבָבָה׃ רֹאשׁוֹ כֶּתֶם
יב פָּז קְוֻצּוֹתָיו תַּלְתַּלִּים שְׁחֹרוֹת כָּעוֹרֵב׃ עֵינָיו כְּיוֹנִים עַל־
יג אֲפִיקֵי מָיִם רֹחֲצוֹת בֶּחָלָב יֹשְׁבוֹת עַל־מִלֵּאת׃ לְחָיָו
כַּעֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם מִגְדְּלוֹת מֶרְקָחִים שִׂפְתוֹתָיו שׁוֹשַׁנִּים
יד נֹטְפוֹת מוֹר עֹבֵר׃ יָדָיו גְּלִילֵי זָהָב מְמֻלָּאִים בַּתַּרְשִׁישׁ
טו מֵעָיו עֶשֶׁת שֵׁן מְעֻלֶּפֶת סַפִּירִים׃ שׁוֹקָיו עַמּוּדֵי שֵׁשׁ

---

ד, יד׳ חצי הספר בפסוקים   ה,ב׳ בס״א מלא י   דרי ברנש   ד׳ נ״א עלי
ח׳ בס״א תמצאו את־דודי

12 אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן
איז מיין שוועסטער מיין כלה,
אַ פאַרשלאָסענער ברונעם,
אַ פאַרחתמעטער קוואַל.
13 דיינע צווייגן—אַ סאָד מילגרוימען
מיט טייערע פרוכט,
ציפּערבלומען מיט נאַרדן;
14 נאַרד און זאַפראַן,
געווירצראָר און צימערינג
מיט אַלערליי ווייררויכביימער,
מירע און אַלאָען
מיט אַלערליי געקליבענע בשׂמים.
15 אַ גאָרטנקוואַל,
אַ ברונעם לעבעדיקע וואַסער.
און פלוסן פון לבָנון.
16 דערוועק דיך, צפון־ווינט,
און קום, דו דָרום־ווינט;
בלאָז אויף מיין גאָרטן,
ויינע בשׂמים זאָלן פליסן,
זאָל קומען מיין געליבטער אין זיין גאָרטן,
און עסן זיין טייערע פרוכט.

ה 1 איך בין געקומען אין מיין גאָרטן,
שוועסטער מיין כלה,
געקליבן מיין מירע מיט מיינע בשׂמים;
געגעסן מיין סאָט מיט מיין האָניק,
געטרונקען מיין וויין מיט מיין מילך.
עסט, חברים,
טרינקט און באַרוישט אַייך מיט ליבשאַפט.
2 איך שלאָף און מיין האַרץ איז אויף;
האָרך! מיין געליבטער קלאַפּט;
עפן מיר, מיין שוועסטער, מיין געליבטע,
מיין טויב, מיין אומשולדיקע,
וואָרום מיין קאָפּ איז פול מיט טוי
מיינע לאָקן מיט טראָפּנס פון נאַכט.
3 איך האָב אויסגעטאָן מיין העמדל,
ווי קען איך עס אָנטאָן?
איך האָב געוואַשן מיינע פיס,
ווי קען איך זיי אַיינריכטן?
4 האָט מיין געליבטער אויסגעשטרעקט
זיין האַנט דורכן טירלאָך,
און מיינע אינגעווייד האָבן געברומט צו אים.
5 בין איך אויפגעשטאַנען עפענען מיין געליבטן,
און מיינע הענט האָבן מירע געטריפט,
און מיינע פינגער פליסיקע מירע
אויף די הענטלעך פון ריגל.
6 איך האָב געעפנט מיין געליבטן,
אָבער מיין געליבטער איז פאַרשוואונדן, אַוועק—
מיין זעל איז אויסגעגאַנגען ווען ער האָט גערעדט צו מיר—
איך האָב אים געזוכט,
און האָב אים ניט געפונען,
איך האָב אים גערופן,
און ער האָט מיר ניט געענטפערט.
7 האָבן מיך געטראָפן די וועכטער
וואָס גייען אַרום אין דער שטאָט,
האָבן זיי מיך געשלאָגן,
האָבן זיי מיך פאַרוואונדט;
אַראָפּגענומען מיין מאַנטל פון מיר
האָבן די וועכטער פון די מויערן.
8 איך באַשווער אַייך, טעכטער פון ירושָלַיִם,
אַז איר וועט געפינען מיין געליבטן,
וואָס איר זאָלט אים זאָגן:
אַז קראַנק פון ליבשאַפט בין איך.
9 וואָס איז דיין געליבטער פאַר אַ געליבטער,
דו שענסטע פון פרויען?
וואָס איז דיין געליבטער פאַר אַ געליבטער,
וואָס דו האָסט אַזוי אונדז באַשוואָרן?
10 מיין געליבטער איז קלאָר און גערויטלט,
די פאָן פון צען טויזנט.
11 זיין קאָפּ איז פיין גינגאָלד,
זיינע לאָקן געקרייזלט,
שוואַרץ ווי דער ראָב.
12 זיינע אויגן ווי טויבן
ביי בעכן פון וואַסער;
געבאָדן אין מילך,
אַיינגעזעצט אין פולן.
13 זיינע באַקן ווי אַ בייט בשׂמים,
ווי טורעמלעך געווירצן;
זיינע ליפּן ליליען
וואָס טריפן פליסיקע מירע.
14 די הענט זיינע גילדערנע וואַלצן
מיט גאָלדשטיין באַזעצט;
זיין לייב אַ שטיק עלפנביין

מְסֻדָּים עַל־אַדְנֵי־פָז מַרְאֵהוּ כַּלְּבָנוֹן בָּחוּר כָּאֲרָזִים׃
חִכּוֹ מַמְתַקִּים וְכֻלּוֹ מַחֲמַדִּים זֶה דוֹדִי וְזֶה רֵעִי בְּנוֹת טז
יְרוּשָׁלָםִ׃

ו

אָנָה הָלַךְ דּוֹדֵךְ הַיָּפָה בַּנָּשִׁים אָנָה פָּנָה דוֹדֵךְ וּנְבַקְשֶׁנּוּ א
עִמָּךְ׃ דּוֹדִי יָרַד לְגַנּוֹ לַעֲרֻגוֹת הַבֹּשֶׂם לִרְעוֹת בַּגַּנִּים ב
וְלִלְקֹט שׁוֹשַׁנִּים׃ אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי לִי הָרוֹעֶה בַּשּׁוֹשַׁנִּים׃ ג
יָפָה אַתְּ רַעְיָתִי כְּתִרְצָה נָאוָה כִּירוּשָׁלָםִ אֲיֻמָּה כַּנִּדְגָּלוֹת׃ ד
הָסֵבִּי עֵינַיִךְ מִנֶּגְדִּי שֶׁהֵם הִרְהִיבֻנִי שַׂעְרֵךְ כְּעֵדֶר הָעִזִּים ה
שֶׁגָּלְשׁוּ מִן־הַגִּלְעָד׃ שִׁנַּיִךְ כְּעֵדֶר הָרְחֵלִים שֶׁעָלוּ מִן־ ו
הָרַחְצָה שֶׁכֻּלָּם מַתְאִימוֹת וְשַׁכֻּלָה אֵין בָּהֶם׃ כְּפֶלַח ז
הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ מִבַּעַד לְצַמָּתֵךְ׃ שִׁשִּׁים הֵמָּה מְלָכוֹת וּשְׁמֹנִים ח
פִּילַגְשִׁים וַעֲלָמוֹת אֵין מִסְפָּר׃ אַחַת הִיא יוֹנָתִי תַמָּתִי ט
אַחַת הִיא לְאִמָּהּ בָּרָה הִיא לְיוֹלַדְתָּהּ רָאוּהָ בָנוֹת
וַיְאַשְּׁרוּהָ מְלָכוֹת וּפִילַגְשִׁים וַיְהַלְלוּהָ׃ מִי־זֹאת הַנִּשְׁקָפָה י
כְּמוֹ־שָׁחַר יָפָה כַלְּבָנָה בָּרָה כַּחַמָּה אֲיֻמָּה כַּנִּדְגָּלוֹת׃
אֶל־גִּנַּת אֱגוֹז יָרַדְתִּי לִרְאוֹת בְּאִבֵּי הַנָּחַל לִרְאוֹת הֲפָרְחָה יא
הַגֶּפֶן הֵנֵצוּ הָרִמֹּנִים׃ לֹא יָדַעְתִּי נַפְשִׁי שָׂמַתְנִי מַרְכְּבוֹת יב
עַמִּי נָדִיב׃

ז

שׁוּבִי שׁוּבִי הַשּׁוּלַמִּית שׁוּבִי שׁוּבִי וְנֶחֱזֶה־בָּךְ מַה־תֶּחֱזוּ א
בַּשּׁוּלַמִּית כִּמְחֹלַת הַמַּחֲנָיִם׃ מַה־יָּפוּ פְעָמַיִךְ בַּנְּעָלִים ב
בַּת־נָדִיב חַמּוּקֵי יְרֵכַיִךְ כְּמוֹ חֲלָאִים מַעֲשֵׂה יְדֵי אָמָּן׃
שָׁרְרֵךְ אַגַּן הַסַּהַר אַל־יֶחְסַר הַמָּזֶג בִּטְנֵךְ עֲרֵמַת חִטִּים ג
סוּגָה בַּשּׁוֹשַׁנִּים׃ שְׁנֵי שָׁדַיִךְ כִּשְׁנֵי עֳפָרִים תָּאֳמֵי צְבִיָּה׃ ד
צַוָּארֵךְ כְּמִגְדַּל הַשֵּׁן עֵינַיִךְ בְּרֵכוֹת בְּחֶשְׁבּוֹן עַל־שַׁעַר בַּת־ ה
רַבִּים אַפֵּךְ כְּמִגְדַּל הַלְּבָנוֹן צוֹפֶה פְּנֵי דַמָּשֶׂק׃ רֹאשֵׁךְ ו

---

ו,ה׳ כצ״ל    יב׳ בס״א לֹא יָדַעְתִּי נַפְשִׁי (או: לֹא יָדַעְתִּי נַפְשִׁי) שָׂמַתְנִי
בס״א עַמִּי״

מיט סאַפּירן באַדעקט.
15 זיינע שענקלען מירמלזיילן
געגרונטפעסט אויף שוועלן פון גינגאָלד;
זיין אָנבליק ווי דער לבָנון,
אויסדערוויילט ווי די צעדערן.
16 זיין גומען איז זיסקייט,
און ער אין גאַנצן אַ גלוסטיקייט.
דאָס איז מיין געליבטער,
און דאָס איז מיין חבר,
טעכטער פון ירושָלַיִם.

ו

1 ווהין איז געגאַנגען דיין געליבטער,
דו שענסטע פון פרויען?
ווהין האָט זיך געקערט דיין געליבטער,
אַז מיר זאָלן אים זוכן מיט דיר?

2 מיין געליבטער האָט געגידערט צו זיין גאָרטן
צו די בייטן פון בשׂמים,
צו וואַנדערן אין די גערטנער
און אויפקלייבן ליליען.

3 איך בין מיין געליבטנס,
און מיין געליבטער איז מיין—
דער וואָס וואַנדערט צווישן די ליליען.

4 ביסט שיין, מיין געליבטע, ווי תִּרצָה,
ליבלעך ווי ירושָלַיִם,
פּאָרכטיק ווי מחנות באַפאָנטע.
5 קער אַוועק דיינע אויגן פון מיר,
וואָרום זיי האָבן מיך באַוועלטיקט.
דיינע האָר איז ווי אַ סטאַדע ציגן
וואָס לאָזן זיך פון גִלעָד אַראָפּ.
6 דיינע ציין ווי אַ סטאַדע שאָף
וואָס קומען אַרויף פון געוועש,
וואָס צווילינגען זיך אַלע,
און ניטאָ קיין פאַרוואַרפערין צווישן זיי.
7 ווי אַן אויפשניט מילגרוים איז דיין שלייף,
פון דיין שלייער אַדורך.

8 זעכציק די מלכות,
און אַכציק די קעפּסווייבער,
און יונגפרויען אָן צאָל.
9 איינע מיין טויב, מיין אומשולדיקע;
איינע איז זי ביי איר מוטער,
אויסדערוויילט איז זי ביי איר געווינערין.
טעכטער האָבן זי געזען און זי געלויבט,
מלכות און קעפּסווייבער—און זי גערימט:
10 ווער איז די וואָס קוקט אַרויס ווי דער פרימאָרגן,
שיין ווי די לבנה,
לויטער ווי די זון,
פּאָרכטיק ווי מחנות באַפאָנטע?

11 צו דעם נוסגאָרטן האָב איך געגידערט,
צו באַקוקן די שפּראָצן פון טאָל,
צו זען אויב געבליט האָט דער ווינשטאָק,
אויב געצוויט האָבן די מילגרוימען.
12 ניט וויסנדיק האָט מיין זעל מיך געבראַכט
צו די רייטוועגן פון מיין פירשטלעכן פאָלק.

ז

1 קער צוריק, קער צוריק, שולַמית,
קער צוריק, קער צוריק,
מיר זאָלן דיך אָנקוקן.
וואָס וועט איר זען אין שולַמית?
אַזוי ווי אַ טאַנץ אין צווי רייען.

2 ווי שיין דיינע טריט אין סאַנדאַלן,
דו פירשטלעכע טאָכטער!
דיינע רונדע דיכן ווי צירונג
געמאַכט פון די הענט פון אַ קינצלער.
3 דיין נאָפּל אַ בעכער אַ רונדער;
עס פעלט ניט דער מישוויין.
דיין בויך אַ הויפן ווייץ
מיט ליליען באַזוימט.
4 דיינע צווי בריסט ווי צווי הירשלעך,
צווילינגס פון אַ הירשין.
5 דיין האַלדז ווי אַ טורעם פון עלפנביין;
דיינע אויגן—די טייכן אין חֶשבּוֹן
ביים טויער פון בַּת־רַבִּים;
דיין נאָז ווי דער טורעם פון לבָנון
וואָס קוקט צו דַמֶשֶׂק.
6 דיין קאָפּ אויף דיר ווי דער כַּרמֶל,

עָלַיִךְ כַּכַּרְמֶל וְדַלַּת רֹאשֵׁךְ כָּאַרְגָּמָן מֶלֶךְ אָסוּר בָּרְהָטִים׃
ז ח מַה־יָּפִית וּמַה־נָּעַמְתְּ אַהֲבָה בַּתַּעֲנוּגִים׃ זֹאת קוֹמָתֵךְ
ט דָּמְתָה לְתָמָר וְשָׁדַיִךְ לְאַשְׁכֹּלוֹת׃ אָמַרְתִּי אֶעֱלֶה בְתָמָר
אֹחֲזָה בְּסַנְסִנָּיו וְיִהְיוּ־נָא שָׁדַיִךְ כְּאֶשְׁכְּלוֹת הַגֶּפֶן וְרֵיחַ
י אַפֵּךְ כַּתַּפּוּחִים׃ וְחִכֵּךְ כְּיֵין הַטּוֹב הוֹלֵךְ לְדוֹדִי לְמֵישָׁרִים
יא יב דּוֹבֵב שִׂפְתֵי יְשֵׁנִים׃ אֲנִי לְדוֹדִי וְעָלַי תְּשׁוּקָתוֹ׃ לְכָה דוֹדִי
יג נֵצֵא הַשָּׂדֶה נָלִינָה בַּכְּפָרִים׃ נַשְׁכִּימָה לַכְּרָמִים נִרְאֶה
אִם־פָּרְחָה הַגֶּפֶן פִּתַּח הַסְּמָדַר הֵנֵצוּ הָרִמּוֹנִים שָׁם אֶתֵּן
יד אֶת־דֹּדַי לָךְ׃ הַדּוּדָאִים נָתְנוּ־רֵיחַ וְעַל־פְּתָחֵינוּ כָּל־מְגָדִים
חֲדָשִׁים גַּם־יְשָׁנִים דּוֹדִי צָפַנְתִּי לָךְ׃

ח

א מִי יִתֶּנְךָ כְּאָח לִי יוֹנֵק שְׁדֵי אִמִּי אֶמְצָאֲךָ בַחוּץ אֶשָּׁקְךָ
ב גַּם לֹא־יָבֻזוּ לִי׃ אֶנְהָגֲךָ אֲבִיאֲךָ אֶל־בֵּית אִמִּי תְּלַמְּדֵנִי
ג אַשְׁקְךָ מִיַּיִן הָרֶקַח מֵעֲסִיס רִמֹּנִי׃ שְׂמֹאלוֹ תַּחַת רֹאשִׁי
ד וִימִינוֹ תְּחַבְּקֵנִי׃ הִשְׁבַּעְתִּי אֶתְכֶם בְּנוֹת יְרוּשָׁלָםִ מַה־תָּעִירוּ ׀
ה וּמַה־תְּעֹרְרוּ אֶת־הָאַהֲבָה עַד שֶׁתֶּחְפָּץ׃ מִי זֹאת עֹלָה
מִן־הַמִּדְבָּר מִתְרַפֶּקֶת עַל־דּוֹדָהּ תַּחַת הַתַּפּוּחַ עוֹרַרְתִּיךָ
ו שָׁמָּה חִבְּלַתְךָ אִמֶּךָ שָׁמָּה חִבְּלָה יְלָדַתְךָ׃ שִׂימֵנִי כַחוֹתָם
עַל־לִבֶּךָ כַּחוֹתָם עַל־זְרוֹעֶךָ כִּי־עַזָּה כַמָּוֶת אַהֲבָה קָשָׁה
ז כִשְׁאוֹל קִנְאָה רְשָׁפֶיהָ רִשְׁפֵּי אֵשׁ שַׁלְהֶבֶתְיָה׃ מַיִם רַבִּים
לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת אֶת־הָאַהֲבָה וּנְהָרוֹת לֹא יִשְׁטְפוּהָ אִם־
ח יִתֵּן אִישׁ אֶת־כָּל־הוֹן בֵּיתוֹ בָּאַהֲבָה בּוֹז יָבוּזוּ לוֹ׃ אָחוֹת
לָנוּ קְטַנָּה וְשָׁדַיִם אֵין לָהּ מַה־נַּעֲשֶׂה לַאֲחֹתֵנוּ בַּיּוֹם
ט שֶׁיְּדֻבַּר־בָּהּ׃ אִם־חוֹמָה הִיא נִבְנֶה עָלֶיהָ טִירַת כָּסֶף
י וְאִם־דֶּלֶת הִיא נָצוּר עָלֶיהָ לוּחַ אָרֶז׃ אֲנִי חוֹמָה וְשָׁדַי
יא כַּמִּגְדָּלוֹת אָז הָיִיתִי בְעֵינָיו כְּמוֹצְאֵת שָׁלוֹם׃ כֶּרֶם הָיָה
לִשְׁלֹמֹה בְּבַעַל הָמוֹן נָתַן אֶת־הַכֶּרֶם לַנֹּטְרִים אִישׁ יָבִא

ח, ו׳ מלה חדא לבן אשר והה׳ רפה

און די לאָקן פון דיין קאָפּ אַזוי ווי פּורפּל;
אַ מלך איז אין די פלעכטן פאַרקניפּט.
7 ווי שיין ביסטו און ווי זיס ביסטו,
געליבטע, אין תּענוגים!
8 דערדאָזיקער וווּקס דיינער
איז געגליכן צו אַ טייטלבוים,
און די בריסט דיינע
צו הענגלעך טרויבן.
9 איך האָב געזאָגט:
איך וועל אַרויפגיין צום טייטלבוים,
און וועל אָננעמען זיינע צווייגן;
און דיינע בריסט זאָלן זיין
אַזוי ווי הענגלעך פון ווינשטאָק,
און דער ריח פון דיין פּנים
ווי עפּל;
10 און דיין גומען ווי וויין גוטער
וואָס גייט גלאַטיק אַראָפּ מיין געליבטן,
וואָס מאַכט רעדן די ליפּן פון שלאָפיקע.
11 איך בין מיין געליבטנס,
און צו מיר איז זיין געלוסט.
12 קום, געליבטער מיין,
לאָמיר אַרויסגיין אין פעלד,
לאָמיר נעכטיקן צווישן די ציפּערבלומען.
13 לאָמיר זיך פעדערן צו די ווייגערטנער,
לאָמיר זען אויב געבליט האָט דער ווינשטאָק,
אויב געעפנט האָבן זיך די קווייטן,
אויב געצוויט האָבן די מילגרוימען;
דאָרטן וועל איך געבן מיין ליבשאַפט צו דיר.
14 די ליבעפּעלעך גיבן אַרויס אַ ריח,
און פאַר אונדזערע טירן
זיינען אַלערליי טייערע פרוכט,
נייע און אַלטע,
וואָס איך האָב באַהאַלטן
פאַר דיר, מיין געליבטער.

ח 1 הלוואַי ביסטו ווי אַ ברודער מיינער
וואָס האָט די בריסט פון מיין מוטער געזויגן!
איך וואָלט דיך געטראָפן אין גאַס, דיך געקושט,
און מע וואָלט מיך ניט פאַראַכט.
2 איך וואָלט דיך געפירט, דיך געבראַכט
אין הויז פון מיין מוטער וואָס לערנט מיך;
דיר טרינקען געגעבן פון וויין געקאָכטן,
פון זאַפט פון מיין מילגרוים.
3 זיין לינקע האַנט אונטער מיין קאָפּ,
און זיין רעכטע זאָל מיך אַרומנעמען.
4 איך באַשווער אַייך, טעכטער פון ירושלַיִם,
איר זאָלט ניט וועקן
און ניט אויפוועקן די ליבשאַפט,
ביז זי וועט באַגערן.
5 ווער איז די וואָס גייט אויף פונעם מדבר,
זיך טוליענדיק צו איר געליבטן?
אונטערן עפּלבוים האָב איך דיך אויפגעוועקט;
דאָרטן האָט דיין מוטער געווייטאָקט מיט דיר,
דאָרט האָט געווייטאָקט די וואָס האָט דיך געבאָרן.
6 טו מיך אַרויף ווי אַ זיגל אויף דיין האַרצן,
ווי אַ זיגל אויף דיין אָרעם,
וואָרום שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבשאַפט,
האַרט ווי דער קבר די אייפערזוכט;
אירע פלאַמען זיינען פלאַמען פייער,
אַ פלאַקער פון גאָט.

7 גרויסע וואַסערן קענען ניט פאַרלעשן די ליבשאַפט,
און טייכן וועלן זי ניט אַוועקפלייצן.
אַז אַ מענטש זאָל געבן פאַר ליבשאַפט
דעם גאַנצן פאַרמעג פון זיין הויז,
פאַראַכטן אים וואָלט מען פאַראַכט.
8 אַ קליינע שוועסטער האָבן מיר,
און זי האָט נאָך קיין בריסט ניט;
וואָס זאָלן מיר טאָן מיט אונדזער שוועסטער
אין דעם טאָג וואָס מע וועט איר רעדן?
9 אויב זי איז אַ מויער,
וועלן מיר בויען אויף איר אַ זילבערנע מויערקרוין;
און אויב זי איז אַ טיר,
וועלן מיר זי פאַרשפּאַרן מיט צעדערברעטער.
10 איך בין אַ מויער,
און מיינע בריסט ווי די טורעמס;
דענסמאָל בין איך געווען אין זיינע אויגן
אַזוי ווי אַ קוואַל פון גליק.
11 אַ ווייַנגאָרטן האָט שלמה געהאַט אין בַּעַל־הָמון,
האָט ער געגעבן דעם ווייַנגאָרטן צו היטער;
איטלעכער פלעגט ברענגען

בְּפִרְיוֹ אֶלֶף כָּסֶף׃ כַּרְמִי שֶׁלִּי לְפָנָי הָאֶלֶף לְךָ שְׁלֹמֹה יב
וּמָאתַיִם לְנֹטְרִים אֶת־פִּרְיוֹ׃ הַיּוֹשֶׁבֶת בַּגַּנִּים חֲבֵרִים יג
מַקְשִׁיבִים לְקוֹלֵךְ הַשְׁמִיעִנִי׃ בְּרַח ׀ דּוֹדִי וּדְמֵה־לְךָ לִצְבִי יד
אוֹ לְעֹפֶר הָאַיָּלִים עַל הָרֵי בְשָׂמִים׃

פאַר זיין פרוכט טויזנט זילבערשטיק.
12 מיין אייגענער ווייַנגאָרטן איז ביי מיר.
די טויזנט זיינען פאַר דיר, שלמה,
אָבער צוויי הונדערט פאַר די וואָס היטן זיין פרוכט.

13 דו וואָס זיצסט אין די גערטנער,
די חברים האָרכן אויף דיין קול,
לאָז מיך אים הערן.

14 אַנטלויף, געליבטער מיין,
און זיי געגליכן צו אַ הירש,
אָדער צו אַ הינד אַ יונגן,
אויף די בשמים־געבערג.

סכום פסוקי דשיר השירים מאה ושבעה עשר. וסימנו אשר דבר
טוב על המלך. וחציו נרד וכרכום:

# רות

א וַיְהִי בִּימֵי שְׁפֹט הַשֹּׁפְטִים וַיְהִי רָעָב בָּאָרֶץ וַיֵּלֶךְ אִישׁ
מִבֵּית לֶחֶם יְהוּדָה לָגוּר בִּשְׂדֵי מוֹאָב הוּא וְאִשְׁתּוֹ וּשְׁנֵי
ב בָנָיו׃ וְשֵׁם הָאִישׁ אֱלִימֶלֶךְ וְשֵׁם אִשְׁתּוֹ נָעֳמִי וְשֵׁם שְׁנֵי־
בָנָיו ׀ מַחְלוֹן וְכִלְיוֹן אֶפְרָתִים מִבֵּית לֶחֶם יְהוּדָה וַיָּבֹאוּ
ג שְׂדֵי־מוֹאָב וַיִּהְיוּ־שָׁם׃ וַיָּמָת אֱלִימֶלֶךְ אִישׁ נָעֳמִי וַתִּשָּׁאֵר
ד הִיא וּשְׁנֵי בָנֶיהָ׃ וַיִּשְׂאוּ לָהֶם נָשִׁים מֹאֲבִיּוֹת שֵׁם הָאַחַת
ה עָרְפָּה וְשֵׁם הַשֵּׁנִית רוּת וַיֵּשְׁבוּ שָׁם כְּעֶשֶׂר שָׁנִים׃ וַיָּמוּתוּ
גַם־שְׁנֵיהֶם מַחְלוֹן וְכִלְיוֹן וַתִּשָּׁאֵר הָאִשָּׁה מִשְּׁנֵי יְלָדֶיהָ
ו וּמֵאִישָׁהּ׃ וַתָּקָם הִיא וְכַלֹּתֶיהָ וַתָּשָׁב מִשְּׂדֵי מוֹאָב כִּי
שָׁמְעָה בִּשְׂדֵה מוֹאָב כִּי־פָקַד יְהוָה אֶת־עַמּוֹ לָתֵת לָהֶם
ז לָחֶם׃ וַתֵּצֵא מִן־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר הָיְתָה־שָׁמָּה וּשְׁתֵּי כַלֹּתֶיהָ
ח עִמָּהּ וַתֵּלַכְנָה בַדֶּרֶךְ לָשׁוּב אֶל־אֶרֶץ יְהוּדָה׃ וַתֹּאמֶר נָעֳמִי
לִשְׁתֵּי כַלֹּתֶיהָ לֵכְנָה שֹּׁבְנָה אִשָּׁה לְבֵית אִמָּהּ יַעֲשֶׂה יְהוָה
ט עִמָּכֶם חֶסֶד כַּאֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם עִם־הַמֵּתִים וְעִמָּדִי׃ יִתֵּן יְהוָה
לָכֶם וּמְצֶאןָ מְנוּחָה אִשָּׁה בֵּית אִישָׁהּ וַתִּשַּׁק לָהֶן וַתִּשֶּׂאנָה

א, ח׳ יעש קרי

# א

[1] און עס איז געווען אין די טעג וואָס די שופטים[א] האָבן געהערשט, איז געווען אַ הונגער אין לאַנד. און אַ מאַן איז געגאַנגען פון בֵּית־לֶחֶם־יהודה זיך אויפצוּהאַלטן אין פעלד פון מואָב, ער מיט זיין ווייב און זיינע צוויי זין. [2] און דער נאָמען פון דעם מאַן איז געווען אֶלימֶלֶך, און דער נאָמען פון זיין ווייב נָעֳמִי, און דער נאָמען פון זיינע צוויי זין מַחלון און כִּליון—אֶפרָתער פון בֵּית־לֶחֶם־יהודה. און זיי זיינען געקומען אין פעלד פון מואָב, און זיינען דאָרטן געווען.

[3] איז געשטאָרבן אֶלימֶלֶך, נָעמיס מאַן, און זי איז איבערגעבליבן, מיט אירע צוויי זין. [4] און זיי האָבן גענומען מואָבער ווייבער: דער נאָמען פון איינער איז געווען עָרפָּה און דער נאָמען פון דער צווייטער רות. און זיי זיינען דאָרטן געזעסן אַרום צען יאָר.

[5] און זיי ביידע, מַחלון און כִּליון, זיינען געשטאָרבן, און די פרוי איז געבליבן פאַרעלנדט פון אירע ביידע קינדער און איר מאַן. [6] און זי איז אויפגעשטאַנען מיט אירע שניר, און האָט זיך אומגעקערט פון פעלד פון מואָב, וואָרום זי האָט געהערט אין פעלד פון מואָב אַז גאָט האָט געדאַכט אָן זיין פאָלק, זיי צו געבן ברויט. [7] און זי איז אַרויס פון דעם אָרט וואָס זי איז דאָרטן געווען, און אירע ביידע שניר מיט איר, און זיי זיינען געגאַנגען אין וועג, כּדי זיך אומצוקערן צום לאַנד יהודה.

[8] האָט נָעמי געזאָגט צו אירע ביידע שניר: גייט קערט אַייך אום איטלעכע צו איר מוטערס הויז. זאָל גאָט טאָן מיט אַייך חסד אַזוי ווי איר האָט געטאָן מיט די געשטאָרבענע און מיט מיר. [9] זאָל אַייך גאָט געבן איר זאָלט געפינען מנוחה איטלעכע אין הויז פון איר מאַן.

א זע שופטים ב, 16.

י קוֹלָן וַתִּבְכֶּינָה: וַתֹּאמַרְנָה־לָּהּ כִּי־אִתָּךְ נָשׁוּב לְעַמֵּךְ:
יא וַתֹּאמֶר נָעֳמִי שֹׁבְנָה בְנֹתַי לָמָּה תֵלַכְנָה עִמִּי הַעוֹד לִי
יב בָנִים בְּמֵעַי וְהָיוּ לָכֶם לַאֲנָשִׁים: שֹׁבְנָה בְנֹתַי לֵכְןָ כִּי
זָקַנְתִּי מִהְיוֹת לְאִישׁ כִּי אָמַרְתִּי יֶשׁ־לִי תִקְוָה גַּם הָיִיתִי
יג הַלַּיְלָה לְאִישׁ וְגַם יָלַדְתִּי בָנִים: הֲלָהֵן ׀ תְּשַׂבֵּרְנָה עַד
אֲשֶׁר יִגְדָּלוּ הֲלָהֵן תֵּעָגֵנָה לְבִלְתִּי הֱיוֹת לְאִישׁ אַל בְּנֹתַי
יד כִּי־מַר־לִי מְאֹד מִכֶּם כִּי־יָצְאָה בִי יַד־יְהוָה: וַתִּשֶּׂנָה קוֹלָן
וַתִּבְכֶּינָה עוֹד וַתִּשַּׁק עָרְפָּה לַחֲמוֹתָהּ וְרוּת דָּבְקָה בָּהּ:
טו וַתֹּאמֶר הִנֵּה שָׁבָה יְבִמְתֵּךְ אֶל־עַמָּהּ וְאֶל־אֱלֹהֶיהָ שׁוּבִי
טז אַחֲרֵי יְבִמְתֵּךְ: וַתֹּאמֶר רוּת אַל־תִּפְגְּעִי־בִי לְעָזְבֵךְ לָשׁוּב
מֵאַחֲרָיִךְ כִּי אֶל־אֲשֶׁר תֵּלְכִי אֵלֵךְ וּבַאֲשֶׁר תָּלִינִי אָלִין עַמֵּךְ
יז עַמִּי וֵאלֹהַיִךְ אֱלֹהָי: בַּאֲשֶׁר תָּמוּתִי אָמוּת וְשָׁם אֶקָּבֵר
כֹּה יַעֲשֶׂה יְהוָה לִי וְכֹה יֹסִיף כִּי הַמָּוֶת יַפְרִיד בֵּינִי וּבֵינֵךְ:
יח וַתֵּרֶא כִּי־מִתְאַמֶּצֶת הִיא לָלֶכֶת אִתָּהּ וַתֶּחְדַּל לְדַבֵּר אֵלֶיהָ:
יט וַתֵּלַכְנָה שְׁתֵּיהֶם עַד־בּוֹאָנָה בֵּית לָחֶם וַיְהִי כְּבוֹאָנָה בֵּית
לֶחֶם וַתֵּהֹם כָּל־הָעִיר עֲלֵיהֶן וַתֹּאמַרְנָה הֲזֹאת נָעֳמִי:
כ וַתֹּאמֶר אֲלֵיהֶן אַל־תִּקְרֶאנָה לִי נָעֳמִי קְרֶאןָ לִי מָרָא כִּי־
כא הֵמַר שַׁדַּי לִי מְאֹד: אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי
יְהוָה לָמָּה תִקְרֶאנָה לִי נָעֳמִי וַיהוָה עָנָה בִי וְשַׁדַּי הֵרַע
כב לִי: וַתָּשָׁב נָעֳמִי וְרוּת הַמּוֹאֲבִיָּה כַלָּתָהּ עִמָּהּ הַשָּׁבָה
מִשְּׂדֵי מוֹאָב וְהֵמָּה בָּאוּ בֵּית לֶחֶם בִּתְחִלַּת קְצִיר שְׂעֹרִים:

ב

א וּלְנָעֳמִי מֹידַע לְאִישָׁהּ אִישׁ גִּבּוֹר חַיִל מִמִּשְׁפַּחַת אֱלִימֶלֶךְ
ב וּשְׁמוֹ בֹּעַז: וַתֹּאמֶר רוּת הַמּוֹאֲבִיָּה אֶל־נָעֳמִי אֵלְכָה־נָּא
הַשָּׂדֶה וַאֲלַקֳטָה בַשִּׁבֳּלִים אַחַר אֲשֶׁר אֶמְצָא־חֵן בְּעֵינָיו
ג וַתֹּאמֶר לָהּ לְכִי בִתִּי: וַתֵּלֶךְ וַתָּבוֹא וַתְּלַקֵּט בַּשָּׂדֶה אַחֲרֵי
הַקֹּצְרִים וַיִּקֶר מִקְרֶהָ חֶלְקַת הַשָּׂדֶה לְבֹעַז אֲשֶׁר מִמִּשְׁפַּחַת

א, י׳ כצ״ל   יד׳ חסר א   כ׳ א׳ במקום ה׳ ב, א׳ מודע קרי

און זי האָט זיי געקושט; און זיי האָבן אויפגעהויבן זייער קָול און האָבן געוויינט. 10 און זיי האָבן צו איר געזאָגט: ניין, נייערט מיר וועלן מיט דיר זיך אומקערן צו דיין פאָלק. 11 האָט נָעמי געזאָגט: קערט אַייך אום, טעכטער מיינע, צוואָס זאָלט איר גיין מיט מיר? האָב איך דען נאָך זין אין מיין לייב, אַז זיי זאָלן אַייך ווערן פאַר מאַנען? 12 קערט אַייך אום, טעכטער מיינע, גייט, וואָרום איך בין צו אַלט צו האָבן אַ מאַן; לאָמיך שוין זאָגן, איך האָב אַ האָפענונג, איך זאָל נאָך די נאַכט האָבן אַ מאַן, און זאָל אויך געבערן זין, 13 וועט איר דען אויף זיי אויס־קוקן ביז זיי וועלן גרויס ווערן? וועט איר צוליב זיי בלייבן זיצן ניט צו נעמען קיין מאַן? ניין, טעכטער מיינע! וואָרום מיר איז פיל ביטערער פון אַייך, ווייל גאָטס האַנט איז אויסגעגאַנגען אויף מיר.

14 האָבן זיי אויפגעהויבן זייער קָול און האָבן ווידער געוויינט. און עָרפָּה האָט זיך צעקושט מיט איר שוויגער, אָבער רות האָט זיך באַהעפט אָן איר. 15 האָט זי געזאָגט: זע, דיין שווערגערין האָט זיך אומגעקערט צו איר פאָלק און צו איר גאָט; קער זיך אום נאָך דיין שווערגערין. 16 האָט רות געזאָגט: זאָלסט מיך ניט בעטן דיך צו פאַרלאָזן, זיך אומצוקערן פון הינטער דיר, וואָרום וווהין דו וועסט גיין, וועל איך גיין, און ווו דו וועסט נעכטיקן, וועל איך נעכטיקן; דיין פאָלק איז מיין פאָלק, און דיין גאָט איז מיין גאָט. 17 ווו דו וועסט שטאַרבן, וועל איך שטאַרבן, און דאָרטן וועל איך באַגראָבן ווערן. זאָל מיר גאָט טאָן אַזוי און נאָך מער! נאָר דער טויט וועט פאַנאַנדערשיידן צווישן מיר און צווישן דיר.

18 און זי האָט געזען, אַז זי האַלט זיך פעסט צו גיין מיט איר, און זי האָט אויפגעהערט זי אָפּצורעדן. 19 און זיי זיינען ביידע געגאַנגען ביז זיי זיינען געקומען קיין בֵּית־לֶחֶם. און עס איז געווען, ווי זיי זיינען אָנגעקומען קיין בֵּית־לֶחֶם, אַזוי האָט די גאַנצע שטאָט געטומלט מיט זיי, און די [ווייבער] האָבן געזאָגט: איז דאָס נָעמי? 20 האָט זי צו זיי געזאָגט: איר זאָלט מיך ניט רופן נָעמי[א], רופט מיך מָרָה[ב], וואָרום דער אַלמאַכטיקער האָט מיר זייער פאַרביטערט. 21 אַ פולע בין איך אַרויסגעגאַנגען, און ליידיק האָט מיך גאָט אומגעקערט. נאָך וואָס רופט איר מיך נָעמי, אַז גאָט איז מיין קלעגער געוואָרן, און דער אַלמאַכטיקער האָט מיר שלעכטס געטאָן.

22 אַזוי האָט זיך אומגעקערט נָעמי, און איר שנור רות די מוֹאָבערין מיט איר, די וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דעם פעלד פון מוֹאָב. און זיי זיינען אָנגעקומען אין בֵּית־לֶחֶם אין אָנהייב גערשטנשניט.

ב 1 און נָעמי האָט געהאַט איר מאַנס אַ קרוב, אַ ווילפאַרמעגלעכן מאַן פון אֶלִימֶלֶכס משפחה, וואָס זיין נאָמען איז געווען בוֹעַז.

2 און רות די מוֹאָבערין האָט געזאָגט צו נָעמין: לאָמיך גיין, איך בעט דיך, אין פעלד, און איך וועל אויפקלייבן זאַנגען הינטער דעם וואָס איך וועל געפינען לייטזעליקייט אין זיינע אויגן. האָט זי געזאָגט צו איר: גיי, מיין טאָכטער.

3 איז זי אַוועק, און איז געקומען און האָט געקליבן אין פעלד הינטער די שניטערס, און אויף איר טראַף האָט זיך

[א] זיסע. [ב] ביטערע.

ד אֱלִימֶלֶךְ׃ וְהִנֵּה־בֹעַז בָּא מִבֵּית לֶחֶם וַיֹּאמֶר לַקּוֹצְרִים
ה יְהוָה עִמָּכֶם וַיֹּאמְרוּ לוֹ יְבָרֶכְךָ יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר בֹּעַז לְנַעֲרוֹ
ו הַנִּצָּב עַל־הַקּוֹצְרִים לְמִי הַנַּעֲרָה הַזֹּאת׃ וַיַּעַן הַנַּעַר הַנִּצָּב
עַל־הַקּוֹצְרִים וַיֹּאמַר נַעֲרָה מוֹאֲבִיָּה הִיא הַשָּׁבָה עִם־נָעֳמִי
ז מִשְּׂדֵה מוֹאָב׃ וַתֹּאמֶר אֲלַקֳטָה־נָּא וְאָסַפְתִּי בָעֳמָרִים אַחֲרֵי
הַקּוֹצְרִים וַתָּבוֹא וַתַּעֲמוֹד מֵאָז הַבֹּקֶר וְעַד־עַתָּה זֶה שִׁבְתָּהּ
ח הַבַּיִת מְעָט׃ וַיֹּאמֶר בֹּעַז אֶל־רוּת הֲלוֹא שָׁמַעַתְּ בִּתִּי
אַל־תֵּלְכִי לִלְקֹט בְּשָׂדֶה אַחֵר וְגַם לֹא תַעֲבוּרִי מִזֶּה וְכֹה
ט תִדְבָּקִין עִם־נַעֲרֹתָי׃ עֵינַיִךְ בַּשָּׂדֶה אֲשֶׁר־יִקְצֹרוּן וְהָלַכְתְּ
אַחֲרֵיהֶן הֲלוֹא צִוִּיתִי אֶת־הַנְּעָרִים לְבִלְתִּי נָגְעֵךְ וְצָמִת
י וְהָלַכְתְּ אֶל־הַכֵּלִים וְשָׁתִית מֵאֲשֶׁר יִשְׁאֲבוּן הַנְּעָרִים׃ וַתִּפֹּל
עַל־פָּנֶיהָ וַתִּשְׁתַּחוּ אָרְצָה וַתֹּאמֶר אֵלָיו מַדּוּעַ מָצָאתִי חֵן
יא בְּעֵינֶיךָ לְהַכִּירֵנִי וְאָנֹכִי נָכְרִיָּה׃ וַיַּעַן בֹּעַז וַיֹּאמֶר לָהּ הֻגֵּד
הֻגַּד לִי כֹּל אֲשֶׁר־עָשִׂית אֶת־חֲמוֹתֵךְ אַחֲרֵי מוֹת אִישֵׁךְ
וַתַּעַזְבִי אָבִיךְ וְאִמֵּךְ וְאֶרֶץ מוֹלַדְתֵּךְ וַתֵּלְכִי אֶל־עַם אֲשֶׁר
יב לֹא־יָדַעַתְּ תְּמוֹל שִׁלְשׁוֹם׃ יְשַׁלֵּם יְהוָה פָּעֳלֵךְ וּתְהִי
מַשְׂכֻּרְתֵּךְ שְׁלֵמָה מֵעִם יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־בָּאת
יג לַחֲסוֹת תַּחַת־כְּנָפָיו׃ וַתֹּאמֶר אֶמְצָא־חֵן בְּעֵינֶיךָ אֲדֹנִי כִּי
נִחַמְתָּנִי וְכִי דִבַּרְתָּ עַל־לֵב שִׁפְחָתֶךָ וְאָנֹכִי לֹא אֶהְיֶה כְּאַחַת
יד שִׁפְחֹתֶיךָ׃ וַיֹּאמֶר לָה בֹעַז לְעֵת הָאֹכֶל גֹּשִׁי הֲלֹם וְאָכַלְתְּ
מִן־הַלֶּחֶם וְטָבַלְתְּ פִּתֵּךְ בַּחֹמֶץ וַתֵּשֶׁב מִצַּד הַקֹּצְרִים
טו וַיִּצְבָּט־לָהּ קָלִי וַתֹּאכַל וַתִּשְׂבַּע וַתֹּתַר׃ וַתָּקָם לְלַקֵּט וַיְצַו
בֹּעַז אֶת־נְעָרָיו לֵאמֹר גַּם בֵּין הָעֳמָרִים תְּלַקֵּט וְלֹא
טז תַכְלִימוּהָ׃ וְגַם שֹׁל־תָּשֹׁלּוּ לָהּ מִן־הַצְּבָתִים וַעֲזַבְתֶּם
יז וְלִקְּטָה וְלֹא תִגְעֲרוּ־בָהּ׃ וַתְּלַקֵּט בַּשָּׂדֶה עַד־הָעָרֶב וַתַּחְבֹּט
יח אֵת אֲשֶׁר־לִקֵּטָה וַיְהִי כְּאֵיפָה שְׂעֹרִים׃ וַתִּשָּׂא וַתָּבוֹא
הָעִיר וַתֵּרֶא חֲמוֹתָהּ אֵת אֲשֶׁר־לִקֵּטָה וַתּוֹצֵא וַתִּתֶּן־לָהּ

יד׳ ה׳ רפה   פתח בס״פ

געטראָפן דאָס שטיק פעלד פון בוֹעַזן וואָס פון אֱלִימֶלֶכס משפחה. 4 ערשט בוֹעַז איז אָנגעקומען פון בֵּית־לֶחֶם, און האָט געזאָגט צו די שניטערס: גאָט מיט אײַך! און זיי האָבן צו אים געזאָגט: בענטשן זאָל דיך גאָט! 5 האָט בוֹעַז געזאָגט צו זײַן יונג וואָס איז געשטאַנען איבער די שניטערס: וועמעס איז דידאָזיקע יונגע פרוי? 6 האָט געענטפערט דער יונג וואָס איז געשטאַנען איבער די שניטערס, און האָט געזאָגט: דאָס איז אַ יונגע פרוי אַ מוֹאָבערין, וואָס האָט זיך אומגעקערט מיט נָעמין פון דעם פעלד פון מוֹאָב; 7 און זי האָט געזאָגט: לאָמיך קלייבן, איך בעט דיך, און אויפֿזאַמלען צווישן די גאַרבן הינטער די שניטערס; און זי איז געקומען און איז געשטאַנען פון זינט פרימאָרגן אַזש ביז אַצונד; דאָס בלייבן אירס אין דער היים איז בלויז געווען אַ ווײַלע. 8 האָט בוֹעַז געזאָגט צו רותן: פאַרוואָר, דו הערסט, מײַן טאָכטער? זאָלסט ניט גיין קלייבן אין אַן אַנדער פעלד, און זאָלסט אויך ניט אַוועקגיין פון דאַנען; נאָר דאָ זאָלסטו זיך האַלטן מיט מײַנע מיידלעך. 9 דײַנע אויגן זאָלן זײַן אויף דעם פעלד וואָס זיי שניידן, און זאָלסט גיין הינטער זיי. פאַרוואָר, איך האָב באַפוילן די יונגען, דיך ניט אָנצורירן; און אַז דיר וועט דאָרשטן, זאָלסטו גיין צו די כּלים, און טרינקען פון וואַנען די יונגען שעפּן.

10 איז זי געפאַלן אויף איר פּנים, און האָט זיך געבוקט צו דער ערד, און האָט צו אים געזאָגט: פאַרוואָס האָב איך געפונען לײַטזעליקייט אין דײַנע אויגן, מיך צו דערקענען, אַז איך בין אַ פרעמדע? 11 האָט בוֹעַז געענטפערט און האָט צו איר געזאָגט: דערציילן איז מיר דערציילט געוואָרן אַלץ וואָס דו האָסט געטאָן מיט דײַן שוויגער נאָך דײַן מאַנס טויט, און אַז דו האָסט פאַרלאָזן דײַן פאָטער און דײַן מוטער, און דאָס לאַנד פון דײַן געבאָרנשאַפט, און ביסט געגאַנגען צו אַ פאָלק וואָס דו האָסט ניט געקענט פון נעכטן אייערנעכטן. 12 זאָל גאָט באַצאָלן דײַן טואונג, און דײַן שׂכר זאָל זײַן פאַרפול פון יהוה דעם גאָט פון ישׂראל, וואָס דו ביסט געקומען זיך באַשיצן אונטער זײַנע פליגלען. 13 האָט זי געזאָגט: לאָמיך געפינען לײַטזעליקייט אין דײַנע אויגן, מײַן האַר! ווײַל דו האָסט מיך געטרייסט, און ווײַל דו האָסט גערעדט צום האַרצן פון דײַן דינסט, און איך בין צומאָל ניט ווי איינע פון דײַנע דינסטן. 14 האָט בוֹעַז צו איר געזאָגט: אין דער צײַט פון עסן, גענען אַהער, און וועסט עסן פון דעם ברויט, און וועסט אײַנטונקען דײַן ביסן אין זויערס.

און זי איז געזעסן בײַ דער זײַט פון די שניטערס, און מע האָט איר דערלאַנגט געבריענטע זאַנגען, און זי האָט געגעסן און איז זאַט געוואָרן, און האָט נאָך איבערגעלאָזן. 15 און ווי זי איז אויפגעשטאַנען צו קלייבן, האָט בוֹעַז באַפוילן זײַנע יונגען, אַזוי צו זאָגן: אויך צווישן די גאַרבן זאָל זי קלייבן, און איר זאָלט זי ניט פאַרשעמען. 16 און אויך אַרויסציען פון די בינטלעך זאָלט איר פאַר איר אַרויסציען, און איבערלאָזן, אַז זי זאָל אויפקלייבן; און איר זאָלט ניט אָנשרײַען אויף איר.

17 און זי האָט געקליבן אין פעלד ביזן אָוונט, און זי האָט אויסגעקלאַפּט וואָס זי האָט אָנגעקליבן, און עס איז געווען אַרום אַן אֵיפָה גערשטן. 18 און זי האָט עס גענומען און איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטאָט. און איר שוויגער האָט געזען וואָס זי האָט אָנגעקליבן, אויך האָט זי אַרויסגענומען און איר געגעבן וואָס זי האָט איבערגעלאָזן נאָך איר זעט.

יט אֵת אֲשֶׁר־הוֹתִרָה מִשָּׂבְעָהּ׃ וַתֹּאמֶר לָהּ חֲמוֹתָהּ אֵיפֹה
לִקַּטְתְּ הַיּוֹם וְאָנָה עָשִׂית יְהִי מַכִּירֵךְ בָּרוּךְ וַתַּגֵּד לַחֲמוֹתָהּ
אֵת אֲשֶׁר־עָשְׂתָה עִמּוֹ וַתֹּאמֶר שֵׁם הָאִישׁ אֲשֶׁר עָשִׂיתִי
כ עִמּוֹ הַיּוֹם בֹּעַז׃ וַתֹּאמֶר נָעֳמִי לְכַלָּתָהּ בָּרוּךְ הוּא לַיהוָה
אֲשֶׁר לֹא־עָזַב חַסְדּוֹ אֶת־הַחַיִּים וְאֶת־הַמֵּתִים וַתֹּאמֶר לָהּ
כא נָעֳמִי קָרוֹב לָנוּ הָאִישׁ מִגֹּאֲלֵנוּ הוּא׃ וַתֹּאמֶר רוּת הַמּוֹאֲבִיָּה
גַּם ׀ כִּי־אָמַר אֵלַי עִם־הַנְּעָרִים אֲשֶׁר־לִי תִּדְבָּקִין עַד אִם־
כב כִּלּוּ אֵת כָּל־הַקָּצִיר אֲשֶׁר־לִי׃ וַתֹּאמֶר נָעֳמִי אֶל־רוּת
כַּלָּתָהּ טוֹב בִּתִּי כִּי תֵצְאִי עִם־נַעֲרוֹתָיו וְלֹא יִפְגְּעוּ־בָךְ
כג בְּשָׂדֶה אַחֵר׃ וַתִּדְבַּק בְּנַעֲרוֹת בֹּעַז לְלַקֵּט עַד־כְּלוֹת
קְצִיר־הַשְּׂעֹרִים וּקְצִיר הַחִטִּים וַתֵּשֶׁב אֶת־חֲמוֹתָהּ׃

ג

א וַתֹּאמֶר לָהּ נָעֳמִי חֲמוֹתָהּ בִּתִּי הֲלֹא אֲבַקֶּשׁ־לָךְ מָנוֹחַ
ב אֲשֶׁר יִיטַב־לָךְ׃ וְעַתָּה הֲלֹא בֹעַז מֹדַעְתָּנוּ אֲשֶׁר הָיִית אֶת־
נַעֲרוֹתָיו הִנֵּה הוּא זֹרֶה אֶת־גֹּרֶן הַשְּׂעֹרִים הַלָּיְלָה׃
ג וְרָחַצְתְּ ׀ וָסַכְתְּ וְשַׂמְתְּ שִׂמְלֹתֵךְ עָלַיִךְ וְיָרַדְתִּי הַגֹּרֶן אַל־
ד תִּוָּדְעִי לָאִישׁ עַד כַּלֹּתוֹ לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת׃ וִיהִי בְשָׁכְבוֹ
וְיָדַעַתְּ אֶת־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִשְׁכַּב־שָׁם וּבָאת וְגִלִּית מַרְגְּלֹתָיו
ה וְשָׁכָבְתִּי וְהוּא יַגִּיד לָךְ אֵת אֲשֶׁר תַּעֲשִׂין׃ וַתֹּאמֶר אֵלֶיהָ
ו כֹּל אֲשֶׁר־תֹּאמְרִי אֶעֱשֶׂה׃ וַתֵּרֶד הַגֹּרֶן וַתַּעַשׂ כְּכֹל
ז אֲשֶׁר־צִוַּתָּה חֲמוֹתָהּ׃ וַיֹּאכַל בֹּעַז וַיֵּשְׁתְּ וַיִּיטַב לִבּוֹ וַיָּבֹא
לִשְׁכַּב בִּקְצֵה הָעֲרֵמָה וַתָּבֹא בַלָּט וַתְּגַל מַרְגְּלֹתָיו וַתִּשְׁכָּב׃
ח וַיְהִי בַּחֲצִי הַלַּיְלָה וַיֶּחֱרַד הָאִישׁ וַיִּלָּפֵת וְהִנֵּה אִשָּׁה
ט שֹׁכֶבֶת מַרְגְּלֹתָיו׃ וַיֹּאמֶר מִי אָתְּ וַתֹּאמֶר אָנֹכִי רוּת אֲמָתֶךָ
י וּפָרַשְׂתָּ כְנָפֶךָ עַל־אֲמָתְךָ כִּי גֹאֵל אָתָּה׃ וַיֹּאמֶר בְּרוּכָה
אַתְּ לַיהוָה בִּתִּי הֵיטַבְתְּ חַסְדֵּךְ הָאַחֲרוֹן מִן־הָרִאשׁוֹן
יא לְבִלְתִּי־לֶכֶת אַחֲרֵי הַבַּחוּרִים אִם־דַּל וְאִם־עָשִׁיר׃ וְעַתָּה

ב, כא׳ חצי הספר בפסוקים  ג, ג׳ שמלתיך ק׳  וירדת קרי  ד׳ ושכבת קרי
ה׳ אלי קרי ולא כתיב  ט׳ ס״א אֲמָתֶךָ

19 האָט איר שוויגער צו איר געזאָגט: ווו האָסטו געקליבן היינט, און ווו האָסטו געאַרבעט? געבענטשט זאָל זיין דער וואָס האָט זיך אומגעקוקט אויף דיר! האָט זי דערציילט איר שוויגער ביי וועמען זי האָט געאַרבעט, און זי האָט געזאָגט: דער נאָמען פון דעם מאַן וואָס איך האָב ביי אים היינט געאַרבעט, איז בועַז. 20 האָט נָעמי געזאָגט צו איר שנור: געבענטשט זאָל ער זיין פון גאָט, וואָס האָט ניט פאַרלאָזן זיין חסד מיט די לעבעדיקע און מיט די טויטע! און נָעמי האָט צו איר געזאָגט: דער מאַן איז אונדזערער אַ נאָנטער, ער איז פון אונדזערע אויסלייזער[א]. 21 האָט רות די מואָבערין געזאָגט: ער האָט מיר אויך אָנגעזאָגט: לעבן די יונגען וואָס ביי מיר זאָלסטו זיך האַלטן, ביז וואַנען זיי וועלן ענדיקן דעם גאַנצן שניט וואָס ביי מיר. 22 האָט נָעמי געזאָגט צו רות איר שנור: עס איז גוט, מיין טאָכטער, אַז דו זאָלסט אַרויסגיין מיט זיינע מיידלעך, און מע זאָל דיך ניט אָנטרעפן אין אַן אַנדער פעלד.

23 און זי האָט זיך געהאַלטן אָן בועַזעס מיידלעך, צו קלייבן ביז צום סוף פון גערשטנשניט און ווייצשניט. און זי איז געזעסן ביי איר שוויגער.

ג 1 און נָעמי איר שוויגער האָט צו איר געזאָגט: מיין טאָכטער, זאָל איך דיר ניט אויפזוכן אַן אָפּרו וואָס זאָל גוט זיין פאַר דיר? 2 און אַצונד, איז ניט בועַז אונדזערער אַ קרוב–דער וואָס דו ביסט געווען מיט זיינע מיידלעך? אָט ווינטשופלט ער די נאַכט דעם שייער גערשטן. 3 זאָלסטו זיך אַרומוואַשן און באַזאַלבן, און אָנטאָן אויף דיר דיינע קליידער, און אַראָפּנידערן צום שייער; זאָלסט זיך ניט לאָזן מערקן פון דעם מאַן, ביז ער האָט געענדיקט עסן און טרינקען. 4 און עס וועט זיין ווי ער וועט זיך לייגן, אַזוי זאָלסטו מערקן דעם אָרט וואָס ער וועט זיך דאָרטן לייגן, און זאָלסט צוקומען און אָפּדעקן זיין צופוסן, און זיך אַוועקלייגן; און ער וועט דיר זאָגן וואָס דו זאָלסט טאָן. 5 האָט זי צו איר געזאָגט: אַלץ וואָס דו זאָגסט מיר וועל איך טאָן.

6 און זי האָט אַראָפּגענידערט צום שייער, און האָט געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס איר שוויגער האָט איר געהייסן. 7 און בועַז האָט געגעסן און געטרונקען, און זיין האַרץ איז געווען פריילעך, און ער איז געגאַנגען זיך לייגן אין עק פון דעם תבואה־הויפן. איז זי צוגעקומען שטילערהייט, און האָט אָפּגעדעקט זיין צופוסן, און האָט זיך געלייגט. 8 און עס איז געווען אין האַלבע נאַכט, האָט דער מאַן אויפגעציטערט, און ער האָט זיך אויסגעדרייט, ערשט אַ פרוי ליגט אים צו־פוסן. 9 האָט ער געזאָגט: ווער ביסטו? האָט זי געזאָגט: איך בין רות דיין דינסט; און זאָלסט אויסשפּרייטן דיין ברעג קלייד איבער דיין דינסט, וואָרום אַן אויסלייזער ביסטו. 10 האָט ער געזאָגט: געבענטשט זאָלסטו זיין פון גאָט, מיין טאָכטער; דיין לעצטע גוטסקייט האָסטו נאָך שענער געטאָן פון דער ערשטער, ניט צו גיין נאָך די בָּחורים, צי אָרים צי רייך. 11 און אַצונד,

[א] אַ קרוב וואָס האָט דאָס רעכט אויסצולייזן אָדער נעמען פאַר זיך.

בִּתִּי אַל־תִּירְאִי כֹּל אֲשֶׁר־תֹּאמְרִי אֶעֱשֶׂה־לָּךְ כִּי יוֹדֵעַ כָּל־
שַׁעַר עַמִּי כִּי אֵשֶׁת חַיִל אָתְּ׃ וְעַתָּה כִּי אָמְנָם כִּי אִם גֹּאֵל יב
אָנֹכִי וְגַם יֵשׁ גֹּאֵל קָרוֹב מִמֶּנִּי׃ לִינִי ׀ הַלַּיְלָה וְהָיָה יג
בַבֹּקֶר אִם־יִגְאָלֵךְ טוֹב יִגְאָל וְאִם־לֹא יַחְפֹּץ לְגָאֳלֵךְ
וּגְאַלְתִּיךְ אָנֹכִי חַי־יְהוָה שִׁכְבִי עַד־הַבֹּקֶר׃ וַתִּשְׁכַּב מַרְגְּלֹתָו יד
עַד־הַבֹּקֶר וַתָּקָם בְּטֶרֶם יַכִּיר אִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ וַיֹּאמֶר אַל־
יִוָּדַע כִּי־בָאָה הָאִשָּׁה הַגֹּרֶן׃ וַיֹּאמֶר הָבִי הַמִּטְפַּחַת אֲשֶׁר־ טו
עָלַיִךְ וְאֶחֳזִי־בָהּ וַתֹּאחֶז בָּהּ וַיָּמָד שֵׁשׁ־שְׂעֹרִים וַיָּשֶׁת עָלֶיהָ
וַיָּבֹא הָעִיר׃ וַתָּבוֹא אֶל־חֲמוֹתָהּ וַתֹּאמֶר מִי־אַתְּ בִּתִּי טז
וַתַּגֶּד־לָהּ אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה־לָהּ הָאִישׁ׃ וַתֹּאמֶר שֵׁשׁ־ יז
הַשְּׂעֹרִים הָאֵלֶּה נָתַן לִי כִּי אָמַר * אַל־תָּבוֹאִי רֵיקָם אֶל־
חֲמוֹתֵךְ׃ וַתֹּאמֶר שְׁבִי בִתִּי עַד אֲשֶׁר תֵּדְעִין אֵיךְ יִפֹּל יח
דָּבָר כִּי לֹא יִשְׁקֹט הָאִישׁ כִּי־אִם־כִּלָּה הַדָּבָר הַיּוֹם׃

ד

וּבֹעַז עָלָה הַשַּׁעַר וַיֵּשֶׁב שָׁם וְהִנֵּה הַגֹּאֵל עֹבֵר אֲשֶׁר דִּבֶּר־ א
בֹּעַז וַיֹּאמֶר סוּרָה שְׁבָה־פֹּה פְּלֹנִי אַלְמֹנִי וַיָּסַר וַיֵּשֵׁב׃
וַיִּקַּח עֲשָׂרָה אֲנָשִׁים מִזִּקְנֵי הָעִיר וַיֹּאמֶר שְׁבוּ־פֹה וַיֵּשֵׁבוּ׃ ב
וַיֹּאמֶר לַגֹּאֵל חֶלְקַת הַשָּׂדֶה אֲשֶׁר לְאָחִינוּ לֶאֱלִימֶלֶךְ ג
מָכְרָה נָעֳמִי הַשָּׁבָה מִשְּׂדֵה מוֹאָב׃ וַאֲנִי אָמַרְתִּי אֶגְלֶה ד
אָזְנְךָ לֵאמֹר קְנֵה נֶגֶד הַיֹּשְׁבִים וְנֶגֶד זִקְנֵי עַמִּי אִם־תִּגְאַל
גְּאָל וְאִם־לֹא יִגְאַל הַגִּידָה לִּי וְאֵדְעָ כִּי אֵין זוּלָתְךָ לִגְאוֹל
וְאָנֹכִי אַחֲרֶיךָ וַיֹּאמֶר אָנֹכִי אֶגְאָל׃ וַיֹּאמֶר בֹּעַז בְּיוֹם ה
קְנוֹתְךָ הַשָּׂדֶה מִיַּד נָעֳמִי וּמֵאֵת רוּת הַמּוֹאֲבִיָּה אֵשֶׁת־הַמֵּת
קָנִיתִי לְהָקִים שֵׁם־הַמֵּת עַל־נַחֲלָתוֹ׃ וַיֹּאמֶר הַגֹּאֵל לֹא ו
אוּכַל לִגְאָול־לִי פֶּן־אַשְׁחִית אֶת־נַחֲלָתִי גְּאַל־לְךָ אַתָּה אֶת־
גְּאֻלָּתִי כִּי לֹא־אוּכַל לִגְאֹל׃ וְזֹאת לְפָנִים בְּיִשְׂרָאֵל עַל־ ז

ג, יב׳ כתיב ולא קרי   יג׳ כ רבתי   קמץ בז״ק   יד׳ מרגלותיו קרי   יתיר ו
טו׳ מלרע   כא וְאֶחֱזִי   יז׳ אלי קרי ולא כתיב   ד, א׳ מלרע   ד׳ קמץ בז״ק
סבירין תגאל   ואדעה קרי   ה׳ קנית קרי   ו׳ יתיר ו

מיין טאָכטער, זאָלסטו ניט מורא האָבן; אַלץ וואָס דו וועסט זאָגן, וועל איך דיר טאָן, וואָרום דער גאַנצער טויער פון מיין פאָלק ווייס אַז דו ביסט אַ ווילע פרוי. [12] און אַצונד, יאָ אמת, אַז אַן אויסלייזער בין איך, אָבער פאַראַן אַן אויסלייזער נענטער פון מיר. [13] בלייב די נאַכט, און עס וועט זיין אין דער פרי, אויב ער וועט דיך אויסלייזן, איז גוט, זאָל ער אויסלייזן; אויב אָבער ער וועט דיך ניט וועלן אויסלייזן, וועל איך דיך אויסלייזן, אַזוי ווי גאָט לעבט! ליג ביז אין דער פרי.

[14] איז זי געלעגן ביי אים צופוסן ביז באַגינען, און זי איז אויפגעשטאַנען איידער איינער האָט געקענט דער־קענען דעם אַנדערן; וואָרום ער האָט געזאָגט: עס זאָל ניט דערוווּסט ווערן אַז די פרוי איז געקומען אין שייער.

[15] און ער האָט געזאָגט: גיב אַהער דאָס טוך וואָס אויף דיר, און האַלט עס צו. האָט זי עס צוגעהאַלטן, און ער האָט אַריינגעמאָסטן זעקס מאָס גערשטן, און אַרויפ־געטאָן אויף איר. און ער איז אַריינגעגאַנגען אין שטאָט.

[16] און זי איז געקומען צו איר שוויגער, האָט זי געזאָגט: ווי איז דאָס מיט דיר, מיין טאָכטער? האָט זי איר דער־ציילט אַלץ וואָס דער מאַן האָט צו איר געטאָן. [17] און זי האָט געזאָגט: די זעקס מאָס גערשטן האָט ער מיר געגעבן, ווייל ער האָט צו מיר געזאָגט: זאָלסט ניט קומען מיט ליידיקן צו דיין שוויגער. [18] האָט זי געזאָגט: זיץ, מיין טאָכטער, ביז וואַנען וועסט וויסן ווי די זאַך וועט אויספאַלן, וואָרום דער מאַן וועט ניט רוען, ביז ער האָט געענדיקט די זאַך היינט.

ד [1] און בועז איז אַרויפגעגאַנגען צום טויער, און האָט זיך דאָרטן געזעצט, ערשט דער אויסלייזער פון וועמען בועז האָט גערעדט, גייט פאַרביי. האָט ער געזאָגט: קום אַהער זעץ זיך דאָ, דער און דער. איז ער צוגעקומען און האָט זיך געזעצט.

[2] און ער האָט גענומען צען מענטשן פון די עלטסטע פון שטאָט, און ער האָט געזאָגט: זעצט איך דאָ. און זיי האָבן זיך געזעצט. [3] האָט ער געזאָגט צום אויסלייזער: נָעמי וואָס האָט זיך אומגעקערט פון פעלד פון מואָב, פאַר־קויפט דאָס שטיק פעלד וואָס האָט געהערט צו אונדזער ברודער, צו אֶלימֶלֶכן. [4] האָב איך געקלערט: איך וועל אַנט־פּלעקן דיין אויער, אַזוי צו זאָגן: קויף עס אַנטקעגן פאַר די וואָס זיצן דאָ, און אַנטקעגן פאַר די עלטסטע פון מיין פאָלק. אויב דו ווילסט אויסלייזן, לייז אויס! אויב אָבער מע וועט ניט אויסלייזן, זאָג מיר, כדי איך זאָל עס וויסן, וואָרום ניטאָ קיינער אַחוץ דיר אויסצולייזן, און איך בין נאָך דיר. האָט ער געזאָגט: איך וועל אויסלייזן. [5] האָט בועז געזאָגט: אין דעם טאָג וואָס דו קויפסט דאָס פעלד פון נָעמיס האַנט, און פון רות דער מואָבערין, האָסטו געקויפט די ווייב פון דעם געשטאָרבענעם, כדי אויפצושטעלן דעם נאָמען פון דעם געשטאָרבענעם אויף זיין נחלה. [6] האָט דער אויסלייזער געזאָגט: איך קען עס ניט אויסלייזן פאַר מיר, וואָרום איך וועל נאָך פאַרדאַרבן מיין אייגענע נחלה. לייז דיר דו אויס וואָס איך דאַרף אויסלייזן, וואָרום איך קען ניט אויסלייזן.

הַגְּאוּלָּה וְעַל־הַתְּמוּרָה לְקַיֵּם כָּל־דָּבָר שָׁלַף אִישׁ נַעֲלוֹ
ח וְנָתַן לְרֵעֵהוּ וְזֹאת הַתְּעוּדָה בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר הַגֹּאֵל
ט לְבֹעַז קְנֵה־לָךְ וַיִּשְׁלֹף נַעֲלוֹ׃ וַיֹּאמֶר בֹּעַז לַזְּקֵנִים וְכָל־
הָעָם עֵדִים אַתֶּם הַיּוֹם כִּי קָנִיתִי אֶת־כָּל־אֲשֶׁר לֶאֱלִימֶלֶךְ
י וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר לְכִלְיוֹן וּמַחְלוֹן מִיַּד נָעֳמִי׃ וְגַם אֶת־רוּת
הַמֹּאֲבִיָּה אֵשֶׁת מַחְלוֹן קָנִיתִי לִי לְאִשָּׁה לְהָקִים שֵׁם־הַמֵּת
עַל־נַחֲלָתוֹ וְלֹא־יִכָּרֵת שֵׁם־הַמֵּת מֵעִם אֶחָיו וּמִשַּׁעַר מְקוֹמוֹ
יא עֵדִים אַתֶּם הַיּוֹם׃ וַיֹּאמְרוּ כָּל־הָעָם אֲשֶׁר־בַּשַּׁעַר וְהַזְּקֵנִים
עֵדִים יִתֵּן יְהוָה אֶת־הָאִשָּׁה הַבָּאָה אֶל־בֵּיתֶךָ כְּרָחֵל ׀
וּכְלֵאָה אֲשֶׁר בָּנוּ שְׁתֵּיהֶם אֶת־בֵּית יִשְׂרָאֵל וַעֲשֵׂה־חַיִל
יב בְּאֶפְרָתָה וּקְרָא־שֵׁם בְּבֵית לָחֶם׃ וִיהִי בֵיתְךָ כְּבֵית פֶּרֶץ
אֲשֶׁר־יָלְדָה תָמָר לִיהוּדָה מִן־הַזֶּרַע אֲשֶׁר יִתֵּן יְהוָה לְךָ
יג מִן־הַנַּעֲרָה הַזֹּאת׃ וַיִּקַּח בֹּעַז אֶת־רוּת וַתְּהִי־לוֹ לְאִשָּׁה
יד וַיָּבֹא אֵלֶיהָ וַיִּתֵּן יְהוָה לָהּ הֵרָיוֹן וַתֵּלֶד בֵּן׃ וַתֹּאמַרְנָה
הַנָּשִׁים אֶל־נָעֳמִי בָּרוּךְ יְהוָה אֲשֶׁר לֹא הִשְׁבִּית לָךְ גֹּאֵל
טו הַיּוֹם וְיִקָּרֵא שְׁמוֹ בְּיִשְׂרָאֵל׃ וְהָיָה לָךְ לְמֵשִׁיב נֶפֶשׁ
וּלְכַלְכֵּל אֶת־שֵׂיבָתֵךְ כִּי כַלָּתֵךְ אֲשֶׁר־אֲהֵבַתֶךְ יְלָדַתּוּ
טז אֲשֶׁר־הִיא טוֹבָה לָךְ מִשִּׁבְעָה בָּנִים׃ וַתִּקַּח נָעֳמִי אֶת־
יז הַיֶּלֶד וַתְּשִׁתֵהוּ בְחֵיקָהּ וַתְּהִי־לוֹ לְאֹמֶנֶת׃ וַתִּקְרֶאנָה לוֹ
הַשְּׁכֵנוֹת שֵׁם לֵאמֹר יֻלַּד־בֵּן לְנָעֳמִי וַתִּקְרֶאנָה שְׁמוֹ עוֹבֵד
יח הוּא אֲבִי־יִשַׁי אֲבִי דָוִד׃ וְאֵלֶּה תּוֹלְדוֹת פָּרֶץ פֶּרֶץ הוֹלִיד
יט אֶת־חֶצְרוֹן׃ וְחֶצְרוֹן הוֹלִיד אֶת־רָם וְרָם הוֹלִיד אֶת־
כ עַמִּינָדָב׃ וְעַמִּינָדָב הוֹלִיד אֶת־נַחְשׁוֹן וְנַחְשׁוֹן הוֹלִיד אֶת־
כא שַׂלְמָה׃ וְשַׂלְמוֹן הוֹלִיד אֶת־בֹּעַז וּבֹעַז הוֹלִיד אֶת־עוֹבֵד׃
כב וְעֹבֵד הוֹלִיד אֶת־יִשָׁי וְיִשַׁי הוֹלִיד אֶת־דָּוִד׃

ז׳ שורק עם הדגש    טז׳ סגל בס״ס    יח׳ כב׳ קמץ בז״ק

סכום פסוקי דספר רות שמונים וחמשה. וסימנו סורה שבה פה פלני אלמני. וחציו ותאמר רות המואביה גם כי אמר אלי:

[7] און אַזוי איז געווען פאַרצייטן אין ישׂראל: ביי אַן אויסלייז אָדער ביי אַן אויסבייט, צו באַפעסטיקן עפּעס אַ זאַך, האָט איינער אַראָפּגעצויגן זיין שוך און געגעבן דעם אַנדערן. און דאָס איז געווען צום עדות אין ישׂראל.

[8] האָט דער אויסלייזער געזאָגט צו בועַזן: קויף עס דיר. און ער האָט אַראָפּגעצויגן זיין שוך. [9] און בועַז האָט געזאָגט צו די עלטסטע, און צו דעם גאַנצן פאָלק: איר זייט עדות היינט, אַז איך האָב אָפּגעקויפט אַלץ וואָס האָט געהערט צו אֶלימֶלֶכן, און אַלץ וואָס האָט געהערט צו כִליונען און מַחלונען, פון נָעמיס האַנט. [10] און אויך רות די מואָבערין, מַחלונס ווייב, האָב איך געקויפט מיר פאַר אַ ווייב, כדי אויפצושטעלן דעם נאָמען פון דעם געשטאָרבענעם אויף זיין נחלה, אַז דער נאָמען פון דעם געשטאָרבענעם זאָל ניט פאַרשניטן ווערן פון צווישן זיינע בְרידער, און פון דעם טויער פון זיין אָרט; איר זייט עדות היינט. [11] האָט געזאָגט דאָס גאַנצע פאָלק וואָס אין טויער, און די עלטסטע: עדות! גאָט זאָל געבן אַז די ווייב וואָס קומט אָן אין דיין הויז, זאָל זיין אַזוי ווי רחל און אַזוי ווי לאה וואָס זיי ביידע האָבן אויפגעבויט דאָס הויז פון ישׂראל! און טו אויף העלדישקייט אין אֶפרָת, און האָב אַ באַרופענעם נאָמען אין בֵית־לֶחֶם! [12] און דיין הויז זאָל זיין אַזוי ווי דאָס הויז פון פֶּרֶצן וואָס תָמָר האָט געבאָרן יהודהן, פון דעם זאָמען וואָס גאָט וועט דיר געבן פון דערדאָזיקער יונגער פרוי!

[13] און בועַז האָט גענומען רותן, און זי איז אים געוואָרן פאַר אַ ווייב, און ער איז צו איר געקומען, און גאָט האָט איר געגעבן טראָגשאַפט, און זי האָט געבאָרן אַ זון. [14] האָבן די ווייבער געזאָגט צו נָעמין: געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט דיך היינט ניט געלאָזן אָן אַן אויסלייזער, און זאָל זיין נאָמען זיין באַרופן אין ישׂראל! [15] און ער זאָל דיר זיין פאַר אַ דער־קוויקער פון דער זעל, און אויף אויסצוהאַלטן דיין עלטער וואָרום דיין שנור וואָס האָט דיך ליב, האָט אים געבאָרן, וואָס זי איז דיר בעסער ווי זיבן זין.

[16] און נָעמי האָט גענומען דאָס קינד, און האָט עס אַריינגעטאָן אין איר בוזעם, און זי איז אים געווען פאַר אַ דער־ציערין. [17] און די שכנות האָבן אים געגעבן אַ נאָמען, אַזוי צו זאָגן: אַ זון איז געבאָרן געוואָרן ביי נָעמין; און זיי האָבן גע־רופן זיין נאָמען עובֵד. דאָס איז דער פאָטער פון יִשַי דעם פאָטער פון דודן.

[18] און דאָס זיינען די געבורטן פון פֶּרֶצן: פֶּרֶץ האָט געבאָרן חֶצרונען; [19] און חֶצרון האָט געבאָרן רָמען, און רָם האָט געבאָרן עַמינָדָבן; [20] און עַמינָדָב האָט געבאָרן נַחשונען, און נַחשון האָט געבאָרן שַׂלמָהן; [21] און שַׂלמון האָט געבאָרן בועַזן, און בועַז האָט געבאָרן עובֵדן; [22] און עובֵד האָט געבאָרן יִשַין, און יִשַי האָט געבאָרן דודן.

# אֵיכָה

א אֵיכָה ׀ יָשְׁבָה בָדָד הָעִיר רַבָּתִי עָם הָיְתָה כְּאַלְמָנָה
ב רַבָּתִי בַגּוֹיִם שָׂרָתִי בַּמְּדִינוֹת הָיְתָה לָמַס׃ בָּכוֹ תִבְכֶּה
בַּלַּיְלָה וְדִמְעָתָהּ עַל לֶחֱיָהּ אֵין־לָהּ מְנַחֵם מִכָּל־אֹהֲבֶיהָ
ג כָּל־רֵעֶיהָ בָּגְדוּ בָהּ הָיוּ לָהּ לְאֹיְבִים׃ גָּלְתָה יְהוּדָה מֵעֹנִי
וּמֵרֹב עֲבֹדָה הִיא יָשְׁבָה בַגּוֹיִם לֹא מָצְאָה מָנוֹחַ כָּל־
ד רֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים׃ דַּרְכֵי צִיּוֹן אֲבֵלוֹת מִבְּלִי
בָּאֵי מוֹעֵד כָּל־שְׁעָרֶיהָ שׁוֹמֵמִין כֹּהֲנֶיהָ נֶאֱנָחִים בְּתוּלֹתֶיהָ
ה נּוּגוֹת וְהִיא מַר־לָהּ׃ הָיוּ צָרֶיהָ לְרֹאשׁ אֹיְבֶיהָ שָׁלוּ כִּי־
יְהוָה הוֹגָהּ עַל רֹב־פְּשָׁעֶיהָ עוֹלָלֶיהָ הָלְכוּ שְׁבִי לִפְנֵי־צָר׃
ו וַיֵּצֵא מִן בַּת־צִיּוֹן כָּל־הֲדָרָהּ הָיוּ שָׂרֶיהָ כְּאַיָּלִים לֹא־מָצְאוּ
ז מִרְעֶה וַיֵּלְכוּ בְלֹא־כֹחַ לִפְנֵי רוֹדֵף׃ זָכְרָה יְרוּשָׁלִַם יְמֵי
עָנְיָהּ וּמְרוּדֶיהָ כֹּל מַחֲמֻדֶיהָ אֲשֶׁר הָיוּ מִימֵי קֶדֶם בִּנְפֹל
עַמָּהּ בְּיַד־צָר וְאֵין עוֹזֵר לָהּ רָאוּהָ צָרִים שָׂחֲקוּ עַל־
ח מִשְׁבַּתֶּהָ׃ חֵטְא חָטְאָה יְרוּשָׁלִַם עַל־כֵּן לְנִידָה הָיָתָה כָּל־
מְכַבְּדֶיהָ הִזִּילוּהָ כִּי־רָאוּ עֶרְוָתָהּ גַּם־הִיא נֶאֶנְחָה וַתָּשָׁב
ט אָחוֹר׃ טֻמְאָתָהּ בְּשׁוּלֶיהָ לֹא זָכְרָה אַחֲרִיתָהּ וַתֵּרֶד
פְּלָאִים אֵין מְנַחֵם לָהּ רְאֵה יְהוָה אֶת־עָנְיִי כִּי הִגְדִּיל אוֹיֵב׃
י יָדוֹ פָּרַשׂ צָר עַל כָּל־מַחֲמַדֶּיהָ כִּי־רָאֲתָה גוֹיִם בָּאוּ מִקְדָּשָׁהּ
יא אֲשֶׁר צִוִּיתָה לֹא־יָבֹאוּ בַקָּהָל לָךְ׃ כָּל־עַמָּהּ נֶאֱנָחִים
מְבַקְּשִׁים לֶחֶם נָתְנוּ מַחֲמוֹדֵּיהֶם בְּאֹכֶל לְהָשִׁיב נָפֶשׁ
יב רְאֵה יְהוָה וְהַבִּיטָה כִּי הָיִיתִי זוֹלֵלָה׃ לוֹא אֲלֵיכֶם כָּל־

---

א׳ פתח בס״ף  ו׳ מן בת קרי  יא׳ יתיר ו׳  יב׳ ל׳ זעירא

א 1 אוי איז געבליבן זיצן אַליין
די שטאָט פון פיל פאָלק;
געוואָרן ווי אַן אַלמנה
די פירשטין צווישן די אומות;
די האַרינטע צווישן די מדינות
געוואָרן צו צינז!
ב 2 וויינען טוט זי וויינען בײַ נאַכט,
און איר טרער איז אויף איר באַק;
זי האָט ניט קיין טרייסטער
פון אַלע אירע ליבהאָבער;
אַלע אירע גוטע פריינט האָבן געפעלשט אָן איר,
זיי זיינען איר שׂונאים געוואָרן.
ג 3 יהודה איז אין גלות אַוועק
אין פּיין און אין גרויס קנעכטשאַפט;
זי זיצט צווישן די פעלקער,
זי געפינט ניט קיין רו;
אַלע אירע נאָכיאָגערס האָבן זי דערגרייכט
צווישן די ענגענישן.
ד 4 די וועגן פון ציון טרויערן,
ווייל ניטאָ די וואָס קומען אויף יום־טוב;
אַלע אירע טויערן זיינען וויסט,
אירע כּהנים זיפצן,
אירע יונגפרויען זיינען פאַראומערט,
און זי, ביטער איז איר.
ה 5 אירע פיינט זיינען געוואָרן די קעפּ,
אירע שׂונאים זיינען אין שלווה;
וואָרום גאָט האָט זי פאַראומערט,
פאַר די פיל פאַרברעכן אירע;
אירע קליינע קינדער זיינען אַוועק אין געפאַנגענשאַפט
פאַרויס פאַרן פיינט.

ו 6 און אַרויס איז פון טאָכטער ציון
דער גאַנצער גלאַנץ אירער;
אירע האַרן זיינען געוואָרן ווי די הינדן,
וואָס געפינען ניט קיין פיטערונג,
און זיי זיינען געגאַנגען אָן כּוח
פאַר דעם נאָכיאָגער.
ו 7 ירושָׁלַיִם דערמאָנט זיך
אין די טעג פון איר פּיין און אירע וואָגלענישן,
אַלע גלוסטיקייטן וואָס זי האָט געהאַט
אין די טעג פון אַמאָל.
ווען איר פאָלק איז געפאַלן פון דער האַנט פון
פיינט,
און זי האָט ניט קיין העלפער געהאַט,
האָבן די פיינט געקוקט אויף איר,
געלאַכט אויף איר אונטערגאַנג.
ח 8 זינד געזינדיקט האָט ירושָׁלַיִם,
דרום איז זי פאַר אַן אומריינער געוואָרן;
אַלע וואָס האָבן זי געאַכט, פאַראַכטן זי,
ווייל זיי האָבן געזען איר שאַנד;
יאָ, זי אַליין טוט זיפצן,
און קערט זיך אַהינטער.

ט 9 איר אומריינקייט איז געווען אין אירע ברעגן,
זי האָט ניט געדאַכט אָן איר סוף;
דרום האָט זי וווּנדערלעך גענידערט,
זי האָט ניט קיין טרייסטער.
זע, גאָט, מיין פּיין,
וואָרום דער שׂונא טוט זיך גרייסן.
י 10 דער פיינט האָט אויסגעשפּרייט זיין האַנט
אויף אַלע אירע גלוסטיקייטן;
וואָרום זי האָט געזען ווי די פעלקער
זיינען געקומען אין איר הייליקטום,
די וואָס דו האָסט באַפוילן,
זיי זאָלן אין דיין עדה ניט קומען.
כ 11 דאָס גאַנצע פאָלק אירס זיפצט,
זיי זוכן ברויט;
זייערע גלוסטיקייטן האָבן זיי אַוועקגעגעבן פאַר שפּייז,
דעם נפש צו דערקוויקן.
זע, גאָט, און קוק
ווי נידעריק איך בין געוואָרן.
ל 12 ניט געשען זאָל עס אייך, אַלע וועגגייער!
טוט אַ קוק, און זעט,
צי איז דאָ אַ ווייטאָק ווי מיין ווייטאָק,

וואָס איז מיר אָנגעטאָן געוואָרן,
ווען גאָט האָט מיך פאַראומערט,
אין טאָג פון זיין גרימצאָרן.
מ 13 פון דער הייך האָט ער אַראָפּגעשיקט אַ פייער
אין מיינע ביינער, און זיי באַוועלטיקט;
ער האָט פאַרשפּרייט אַ נעץ פאַר מיינע פיס,
ער האָט מיך אַהינטער געקערט;
וויסט האָט ער מיך געמאַכט,
קראַנק אַ גאַנצן טאָג.
נ 14 פאַרקניפּט מיט זיין האַנט
איז דער יאָך פון מיינע זינד;
זיי פלעכטן זיך, זיי לייגן זיך אַרויף אויף מיין האַלדז;
ער האָט געמאַכט שטרויכלען מיין כּוח;
גאָט האָט מיך געגעבן אין הענט,
אַז איך קען ניט אויפשטיין.
ס 15 גאָט האָט געמאַכט צונישט
אַלע מיינע גיבורים אין מיר;
ער האָט גערופן אויף מיר אַן איינזאַמלונג,
צו צעבּרעכן מיינע יונגעלייט;
ווי אַ קעלטער האָט גאָט געטרעטן,
די יונגפרוי טאָכטער יהודה.
ע 16 דערויף טו איך וויינען,
מיין אויג, מיין אויג רינט וואַסער;
וואָרום ווייט איז אַ טרייסטער פון מיר,
וואָס זאָל דערקוויקן מיין זעל;
מיינע קינדער זיינען פאַרוויסט,
וואָרום דער שׂונא האָט איבּערגעשטאַרקט.
פ 17 צִיון צעשפּרייט אירע הענט,
זי האָט ניט קיין טרייסטער;
גאָט האָט באַפוילן אַקעגן יעקב
רונד אַרום אים זיינע פיינט;
ירושָלַיִם איז געוואָרן
פאַר אַן אומריינער צווישן זיי.
צ 18 גאָט איז גערעכט,
וואָרום איך האָב ווידערשפּעניקט זיין מויל;
הערט, אַלע פעלקער, איך בעט אַייך,
און זעט צו מיין ווייטאָק:
מיינע בָּחורים און מיינע מיידלעך
זיינען אַוועק אין געפאַנגענשאַפט.
ק 19 איך האָב גערופן מיינע ליבּהאָבּער,
האָבּן זיי מיך אָפּגענאַרט;
מיינע כּהנים און מיינע עלטסטע
זיינען אויסגעגאַנגען אין שטאָט,
ווען זיי האָבּן שפּייז זיך געזוכט,
זיי זאָלן זייער נפש דערקוויקן.
ר 20 זע, גאָט, ווי מיר איז ענג,
מיינע אינגעווייד בּרענען,
מיין האַרץ קערט זיך איבּער אין מיר,
ווייל ווידערשפּעניקן האָב איך ווידערשפּעניקט;
דרויסן נעמט אַוועק די שווערד,
אין הויז איז ווי דער טויט.
ש 21 זיי האָבּן געהערט ווי איך זיפץ,
אָבּער איך האָב ניט קיין טרייסטער;
אַלע מיינע שׂונאים האָבּן געהערט מיין אומגליק,
זיי פרייען זיך וואָס דו האָסט דאָס געטאָן
בּרענג דעם טאָג וואָס דו האָסט אָנגעזאָגט,
און זאָלן זיי ווערן ווי איך!
ת 22 זאָל קומען אַל זייער בּייז פאַר דיר,
און טו צו זיי
אַזוי ווי דו האָסט צו מיר געטאָן,
פאַר אַלע מיינע זינד;
וואָרום פיל זיינען מיינע זיפצן,

עֹבְרֵי דֶרֶךְ הַבִּיטוּ וּרְאוּ אִם־יֵשׁ מַכְאוֹב כְּמַכְאֹבִי אֲשֶׁר
יג עוֹלַל לִי אֲשֶׁר הוֹגָה יְהוָה בְּיוֹם חֲרוֹן אַפּוֹ׃ מִמָּרוֹם
שָׁלַח־אֵשׁ בְּעַצְמֹתַי וַיִּרְדֶּנָּה פָּרַשׂ רֶשֶׁת לְרַגְלַי הֱשִׁיבַנִי
יד אָחוֹר נְתָנַנִי שֹׁמֵמָה כָּל־הַיּוֹם דָּוָה׃ נִשְׂקַד עֹל פְּשָׁעַי
בְּיָדוֹ יִשְׂתָּרְגוּ עָלוּ עַל־צַוָּארִי הִכְשִׁיל כֹּחִי נְתָנַנִי אֲדֹנָי
טו בִּידֵי לֹא־אוּכַל קוּם׃ סִלָּה כָל־אַבִּירַי ׀ אֲדֹנָי בְּקִרְבִּי קָרָא
עָלַי מוֹעֵד לִשְׁבֹּר בַּחוּרָי גַּת דָּרַךְ אֲדֹנָי לִבְתוּלַת בַּת־
טז יְהוּדָה׃ עַל־אֵלֶּה ׀ אֲנִי בוֹכִיָּה עֵינִי ׀ עֵינִי יֹרְדָה מַּיִם כִּי־
רָחַק מִמֶּנִּי מְנַחֵם מֵשִׁיב נַפְשִׁי הָיוּ בָנַי שׁוֹמֵמִים כִּי גָבַר
יז אוֹיֵב׃ פֵּרְשָׂה צִיּוֹן בְּיָדֶיהָ אֵין מְנַחֵם לָהּ צִוָּה יְהוָה לְיַעֲקֹב
יח סְבִיבָיו צָרָיו הָיְתָה יְרוּשָׁלִַם לְנִדָּה בֵּינֵיהֶם׃ צַדִּיק הוּא
יְהוָה כִּי פִיהוּ מָרִיתִי שִׁמְעוּ־נָא כָל־עַמִּים וּרְאוּ מַכְאֹבִי
יט בְּתוּלֹתַי וּבַחוּרַי הָלְכוּ בַשֶּׁבִי׃ קָרָאתִי לַמְאַהֲבַי הֵמָּה
רִמּוּנִי כֹּהֲנַי וּזְקֵנַי בָּעִיר גָּוָעוּ כִּי־בִקְשׁוּ אֹכֶל לָמוֹ וְיָשִׁיבוּ
כ אֶת־נַפְשָׁם׃ רְאֵה יְהוָה כִּי־צַר־לִי מֵעַי חֳמַרְמָרוּ נֶהְפַּךְ
לִבִּי בְּקִרְבִּי כִּי מָרוֹ מָרִיתִי מִחוּץ שִׁכְּלָה־חֶרֶב בַּבַּיִת
כא כַּמָּוֶת׃ שָׁמְעוּ כִּי נֶאֱנָחָה אָנִי אֵין מְנַחֵם לִי כָּל־אֹיְבַי
שָׁמְעוּ רָעָתִי שָׂשׂוּ כִּי אַתָּה עָשִׂיתָ הֵבֵאתָ יוֹם־קָרָאתָ וְיִהְיוּ
כב כָמוֹנִי׃ תָּבֹא כָל־רָעָתָם לְפָנֶיךָ וְעוֹלֵל לָמוֹ כַּאֲשֶׁר עוֹלַלְתָּ
לִי עַל כָּל־פְּשָׁעָי כִּי־רַבּוֹת אַנְחֹתַי וְלִבִּי דַוָּי׃

ב

א אֵיכָה יָעִיב בְּאַפּוֹ ׀ אֲדֹנָי אֶת־בַּת־צִיּוֹן הִשְׁלִיךְ מִשָּׁמַיִם
אֶרֶץ תִּפְאֶרֶת יִשְׂרָאֵל וְלֹא־זָכַר הֲדֹם־רַגְלָיו בְּיוֹם אַפּוֹ׃
ב בִּלַּע אֲדֹנָי לֹא חָמַל אֵת כָּל־נְאוֹת יַעֲקֹב הָרַס בְּעֶבְרָתוֹ
מִבְצְרֵי בַת־יְהוּדָה הִגִּיעַ לָאָרֶץ חִלֵּל מַמְלָכָה וְשָׂרֶיהָ׃
ג גָּדַע בָּחֳרִי־אַף כֹּל קֶרֶן יִשְׂרָאֵל הֵשִׁיב אָחוֹר יְמִינוֹ מִפְּנֵי
ד אוֹיֵב וַיִּבְעַר בְּיַעֲקֹב כְּאֵשׁ לֶהָבָה אָכְלָה סָבִיב׃ דָּרַךְ

א, יח׳ העמים קרי   כ׳ קמץ בזק   ו׳ במקום ה׳   ב, ב׳ ולא קרי

און מיין האַרץ איז קראַנק.

# ב

א 1 ווי האָט גאָט אין זיין כּעס
פאַרוואָלקנט די טאָכטער צִיון!
אַראָפּגעוואָרפן פון הימל צו דער ערד
די שיינקייט פון ישׂראל,
און ניט געדאַכט אָן זיין פוסבּענקל
אין טאָג פון זיין כּעס!
ב 2 גאָט האָט אומגעבּראַכט אָן רחמנות
אַלע וווינונגען פון יעקב;
צעשטערט אין זיין צאָרן
די פעסטונגען פון טאָכטער יהודה,
זיי געבּראַכט צו דער ערד;
פאַרשוועכט דאָס קיניגרייך און זיינע האַרן!
ג 3 ער האָט אָפּגעהאַקט מיט גרימצאָרן
דעם גאַנצן האָרן פון ישׂראל;
ער האָט צוריקגעצויגן זיין רעכטע האַנט
פון פאַרן שׂונא,
און געבּרענט אין יעקב ווי אַ פלאַמפייער
וואָס פאַרצערט רונד אַרום.
ד 4 ער האָט געשפּאַנט זיין בּויגן ווי אַ שׂונא,
זיך געשטעלט מיט זיין רעכטער האַנט ווי אַ פיינט,
און געהרגעט אַלע גלוסטיקע פון אויג;

קַשְׁתּוֹ כְּאוֹיֵב נִצָּב יְמִינוֹ כְּצָר וַיַּהֲרֹג כֹּל מַחֲמַדֵּי־עָיִן בְּאֹהֶל
ה בַּת־צִיּוֹן שָׁפַךְ כָּאֵשׁ חֲמָתוֹ׃ הָיָה אֲדֹנָי ׀ כְּאוֹיֵב בִּלַּע
יִשְׂרָאֵל בִּלַּע כָּל־אַרְמְנוֹתֶיהָ שִׁחֵת מִבְצָרָיו וַיֶּרֶב בְּבַת־
ו יְהוּדָה תַּאֲנִיָּה וַאֲנִיָּה׃ וַיַּחְמֹס כַּגַּן שֻׂכּוֹ שִׁחֵת מֹעֲדוֹ שִׁכַּח
יְהוָה ׀ בְּצִיּוֹן מוֹעֵד וְשַׁבָּת וַיִּנְאַץ בְּזַעַם־אַפּוֹ מֶלֶךְ וְכֹהֵן׃
ז זָנַח אֲדֹנָי ׀ מִזְבְּחוֹ נִאֵר מִקְדָּשׁוֹ הִסְגִּיר בְּיַד־אוֹיֵב חוֹמֹת
ח אַרְמְנוֹתֶיהָ קוֹל נָתְנוּ בְּבֵית־יְהוָה כְּיוֹם מוֹעֵד׃ חָשַׁב
יְהוָה ׀ לְהַשְׁחִית חוֹמַת בַּת־צִיּוֹן נָטָה קָו לֹא־הֵשִׁיב יָדוֹ
ט מִבַּלֵּעַ וַיַּאֲבֶל־חֵל וְחוֹמָה יַחְדָּו אֻמְלָלוּ׃ טָבְעוּ בָאָרֶץ
שְׁעָרֶיהָ אִבַּד וְשִׁבַּר בְּרִיחֶיהָ מַלְכָּהּ וְשָׂרֶיהָ בַגּוֹיִם אֵין
י תּוֹרָה גַּם־נְבִיאֶיהָ לֹא־מָצְאוּ חָזוֹן מֵיְהוָה׃ יֵשְׁבוּ לָאָרֶץ
יִדְּמוּ זִקְנֵי בַת־צִיּוֹן הֶעֱלוּ עָפָר עַל־רֹאשָׁם חָגְרוּ שַׂקִּים
יא הוֹרִידוּ לָאָרֶץ רֹאשָׁן בְּתוּלֹת יְרוּשָׁלָםִ׃ כָּלוּ בַדְּמָעוֹת
עֵינַי חֳמַרְמְרוּ מֵעַי נִשְׁפַּךְ לָאָרֶץ כְּבֵדִי עַל־שֶׁבֶר בַּת־
יב עַמִּי בֵּעָטֵף עוֹלֵל וְיוֹנֵק בִּרְחֹבוֹת קִרְיָה׃ לְאִמֹּתָם יֹאמְרוּ
אַיֵּה דָּגָן וָיָיִן בְּהִתְעַטְּפָם כֶּחָלָל בִּרְחֹבוֹת עִיר בְּהִשְׁתַּפֵּךְ
יג נַפְשָׁם אֶל־חֵיק אִמֹּתָם׃ מָה אֲעוֹדֵךְ מָה אֲדַמֶּה־לָּךְ הַבַּת
יְרוּשָׁלַםִ מָה אַשְׁוֶה־לָּךְ וַאֲנַחֲמֵךְ בְּתוּלַת בַּת־צִיּוֹן כִּי־גָדוֹל
יד כַּיָּם שִׁבְרֵךְ מִי יִרְפָּא־לָךְ׃ נְבִיאַיִךְ חָזוּ לָךְ שָׁוְא וְתָפֵל
וְלֹא־גִלּוּ עַל־עֲוֺנֵךְ לְהָשִׁיב שְׁבִיתֵךְ וַיֶּחֱזוּ לָךְ מַשְׂאוֹת שָׁוְא
טו וּמַדּוּחִים׃ סָפְקוּ עָלַיִךְ כַּפַּיִם כָּל־עֹבְרֵי דֶרֶךְ שָׁרְקוּ וַיָּנִעוּ
רֹאשָׁם עַל־בַּת יְרוּשָׁלָםִ הֲזֹאת הָעִיר שֶׁיֹּאמְרוּ כְּלִילַת יֹפִי
טז מָשׂוֹשׂ לְכָל־הָאָרֶץ׃ פָּצוּ עָלַיִךְ פִּיהֶם כָּל־אוֹיְבַיִךְ שָׁרְקוּ
וַיַּחַרְקוּ־שֵׁן אָמְרוּ בִּלָּעְנוּ אַךְ זֶה הַיּוֹם שֶׁקִּוִּינֻהוּ מָצָאנוּ
יז רָאִינוּ׃ עָשָׂה יְהוָה אֲשֶׁר זָמָם בִּצַּע אֶמְרָתוֹ אֲשֶׁר צִוָּה
מִימֵי־קֶדֶם הָרַס וְלֹא חָמָל וַיְשַׂמַּח עָלַיִךְ אוֹיֵב הֵרִים קֶרֶן
יח צָרָיִךְ׃ צָעַק לִבָּם אֶל־אֲדֹנָי חוֹמַת בַּת־צִיּוֹן הוֹרִידִי כַנַּחַל

ט׳ ט׳ זעירא   יג׳ אעידך קרי   יד׳ שבותך קרי   יז׳ כולו קמץ   האי בסגול

אין געצעלט פון טאָכטער צִיון
האָט ער אויסגעגאָסן ווי אַ פייער זיין גרימצאָרן.
ה 5 גאָט איז געוואָרן ווי אַ שׂונא,
ער האָט אומגעבראַכט ישׂראל;
אומגעבראַכט אַלע אירע פּאַלאַצן,
צעשטערט זיינע פעסטונגען,
און געמערט ביי טאָכטער יהודה
קלאָגעניש און קלאָג.
ו 6 און ער האָט אָפּגעפליקט ווי אַ גאָרטן זיין ביידל,
ער האָט צעשטערט זיין זאַמלאָרט;
גאָט האָט געמאַכט פאַרגעסן אין צִיון
אַ יום־טוב און אַ שבת,
און פאַראַכט אין זיין גרימצאָרן
דעם מלך און דעם כֹּהן.
ז 7 גאָט האָט פאַרלאָזט זיין מזבח,
אַוועקגעוואָרפן זיין הייליקטום;
איבערגעענטפערט אין האַנט פון דעם שׂונא
די מויערן פון אירע פּאַלאַצן;
זיי האָבן קולות געמאַכט אין גאָטס הויז
אַזוי ווי אין אַ יום־טוב.
ח 8 גאָט האָט געטראַכט צו צעשטערן
די מויער פון טאָכטער צִיון;
ער האָט געצויגן אַ מעסטשנור,
ער האָט ניט אָפּגעהאַלטן זיין האַנט פון אומצוברענגען,
און געמאַכט טרויערן די פעסטונג און די מויער;
אין איינעם זיינען זיי פאַרשניטן געוואָרן.
ט 9 איינגעזונקן אין דער ערד זיינען אירע טויערן,
ער האָט צעשטערט און צעבראָכן אירע ריגלען;
איר מלך און אירע האַרן זיינען צווישן די פעלקער,
ניטאָ מער קיין תּורה;
אַפילו אירע נביאים
געפינען ניט אַ זעאונג פון גאָט.
י 10 זיי זיצן אויף דער ערד און שווייגן,
די עלטסטע פון טאָכטער צִיון,
זיי האָבן אַרויפגעטאָן שטויב אויף זייער קאָפּ,
זיי האָבן אָנגעגורט זאַק;
אַראָפּגעלאָזט זייערע קעפּ צו דער ערד
האָבן די יונגפרויען פון ירושָלַיִם.
כ 11 מיינע אויגן גייען אויס פון טרערן,
מיינע אינגעווייד ברענען,
מיין לעבער איז אויסגעגאָסן אויף דער ערד,
אויף דעם בראָך פון דער טאָכטער מיין פאָלק;
ווייל קליינע קינדער און זויגעדיקע
חלשן אין די גאַסן פון שטאָט.
ל 12 זיי זאָגן צו זייערע מוטערס:
וווּ איז קאָרן און וויין?
ווען זיי חלשן ווי דערשלאָגענע
אין די גאַסן פון שטאָט,
ווען זייער זעל גיסט זיך אויס
אויף דער ברוסט פון זייערע מוטערס.
מ 13 וואָס זאָל איך דיר עדותן?
וואָס זאָל איך צו דיר גלייכן, טאָכטער ירושָלַיִם?
וואָס זאָל איך פאַרגלייכן צו דיר, און דיך טרייסטן,
יונגפרוי טאָכטער צִיון?
אַז גרויס ווי דער ים איז דיין בראָך—
ווער קען דיך היילן?
נ 14 דיינע נביאים האָבן דיר געזען
פאַלשקייט און אָפּנאַרעניש,
און זיי האָבן ניט אַנטפּלעקט דיין זינד,
אומצוקערן דיין געפאַנגענשאַפט;
און זיי האָבן דיר געזען נבואות
פון פאַלשקייט און פאַרפירעניש.
ס 15 אַלע פאַרבייגייער פּאַטשן אויף דיר מיט די הענט,
זיי שמוצערן, און שאָקלען זייער קאָפּ
אויף טאָכטער ירושָלַיִם:
איז דאָס די שטאָט וואָס מע האָט גערופן
די קרוין פון שיינקייט,
די פרייד פון דער גאַנצער ערד?
פּ 16 געעפנט זייער מויל אויף דיר
האָבן אַלע דיינע שׂונאים;
זיי שמוצערן, און קריצן די ציין;
זיי זאָגן: מיר האָבן זי איינגעשלונגען;
פאַרוואָר, דאָס איז דער טאָג וואָס מיר האָבן געהאָפט
אויף אים,
מיר האָבן דערגרייכט, מיר האָבן דערלעבט.
ע 17 גאָט האָט געטאָן וואָס ער האָט געטראַכט,
ער האָט אויסגעפירט זיין וואָרט
וואָס ער האָט אָנגעזאָגט פון אַמאָליקע טעג;
ער האָט צעשטערט אָן רחמנות,
און דערפרייט דעם שׂונא איבער דיר,
דערהייכט דעם האָרן פון דיינע פיינט.
צ 18 זייער האַרץ האָט געשריען צו גאָט:

דִּמְעָה יוֹמָם וָלַיְלָה אַל־תִּתְּנִי פוּגַת לָךְ אַל־תִּדֹּם בַּת־
יט עֵינֵךְ׃ קוּמִי ׀ רֹנִּי בַלַּיְלָ לְרֹאשׁ אַשְׁמֻרוֹת שִׁפְכִי כַמַּיִם
לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי אֲדֹנָי שְׂאִי אֵלָיו כַּפַּיִךְ עַל־נֶפֶשׁ עוֹלָלַיִךְ
כ הָעֲטוּפִים בְּרָעָב בְּרֹאשׁ כָּל־חוּצוֹת׃ רְאֵה יְהוָה וְהַבִּיטָה
לְמִי עוֹלַלְתָּ כֹּה אִם־תֹּאכַלְנָה נָשִׁים פִּרְיָם עֹלְלֵי טִפֻּחִים
כא אִם־יֵהָרֵג בְּמִקְדַּשׁ אֲדֹנָי כֹּהֵן וְנָבִיא׃ שָׁכְבוּ לָאָרֶץ חוּצוֹת
נַעַר וְזָקֵן בְּתוּלֹתַי וּבַחוּרַי נָפְלוּ בֶחָרֶב הָרַגְתָּ בְּיוֹם אַפֶּךָ
כב טָבַחְתָּ לֹא חָמָלְתָּ׃ תִּקְרָא כְיוֹם מוֹעֵד מְגוּרַי מִסָּבִיב וְלֹא
הָיָה בְּיוֹם אַף־יְהוָה פָּלִיט וְשָׂרִיד אֲשֶׁר־טִפַּחְתִּי וְרִבִּיתִי
אֹיְבִי כִלָּם׃

ג

א ב אֲנִי הַגֶּבֶר רָאָה עֳנִי בְּשֵׁבֶט עֶבְרָתוֹ׃ אוֹתִי נָהַג וַיֹּלַךְ
ג חֹשֶׁךְ וְלֹא־אוֹר׃ אַךְ בִּי יָשֻׁב יַהֲפֹךְ יָדוֹ כָּל־הַיּוֹם׃
ד ה בִּלָּה בְשָׂרִי וְעוֹרִי שִׁבַּר עַצְמוֹתָי׃ בָּנָה עָלַי וַיַּקַּף רֹאשׁ
ו ז וּתְלָאָה׃ בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם׃ גָּדַר
ח בַּעֲדִי וְלֹא אֵצֵא הִכְבִּיד נְחָשְׁתִּי׃ גַּם כִּי אֶזְעַק וַאֲשַׁוֵּעַ
ט י שָׂתַם תְּפִלָּתִי׃ גָּדַר דְּרָכַי בְּגָזִית נְתִיבֹתַי עִוָּה׃ דֹּב
יא אֹרֵב הוּא לִי אֲרִיה בְּמִסְתָּרִים׃ דְּרָכַי סוֹרֵר וַיְפַשְּׁחֵנִי
יב שָׂמַנִי שֹׁמֵם׃ דָּרַךְ קַשְׁתּוֹ וַיַּצִּיבֵנִי כַּמַּטָּרָא לַחֵץ׃
יג יד הֵבִיא בְּכִלְיוֹתָי בְּנֵי אַשְׁפָּתוֹ׃ הָיִיתִי שְּׂחֹק לְכָל־עַמִּי
טו נְגִינָתָם כָּל־הַיּוֹם׃ הִשְׂבִּיעַנִי בַמְּרוֹרִים הִרְוַנִי לַעֲנָה׃
טז יז וַיַּגְרֵס בֶּחָצָץ שִׁנָּי הִכְפִּישַׁנִי בָּאֵפֶר׃ וַתִּזְנַח מִשָּׁלוֹם נַפְשִׁי
יח נָשִׁיתִי טוֹבָה׃ וָאֹמַר אָבַד נִצְחִי וְתוֹחַלְתִּי מֵיְהוָה׃
יט כ זְכָר־עָנְיִי וּמְרוּדִי לַעֲנָה וָרֹאשׁ׃ זָכוֹר תִּזְכּוֹר וְתָשׁוֹחַ עָלַי
כא כב נַפְשִׁי׃ זֹאת אָשִׁיב אֶל־לִבִּי עַל־כֵּן אוֹחִיל׃ חַסְדֵי
כג יְהוָה כִּי לֹא־תָמְנוּ כִּי לֹא־כָלוּ רַחֲמָיו׃ חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים

ב, יט׳ בלילה קרי   כא׳ ס״א ולא   ג, י׳ ארי קרי   יב׳ א במקום ה
טז׳ קמץ בז״ק   כ׳ ותשוח קרי   כב׳ בנ״א הד׳ בלא דגש   קמץ בז״ק

מויער פון טאָכטער ציון,
לאָז רינען טרערן
ווי אַ טייך, טאָג און נאַכט;
זאָלסט זיך ניט געבן קיין אָפּרו,
ניט שטילן זאָל זיך דיין אויגאַפּל.
ק [19] שטיי אויף, שריי אין דער נאַכט,
אין אָנהייב פון די נאַכטוואַכן;
גיס אויס ווי וואַסער דיין האַרץ,
פאַר דעם פּנים פון גאָט;
הייב אויף דיינע הענט צו אים,
פאַר די נפשות פון דיינע קליינע קינדער
וואָס חלשן פון הונגער
אין אַלע עק גאַסן.
ר [20] זע, גאָט, און קוק
וועמען דו האָסט אַזוינס געטאָן!
דאַרפן ווייבער עסן זייער פּרוכט,
קינדער געצערטלטע?
דאַרף געטייט ווערן אין הייליקטום פון גאָט
דער כּהן און דער נביא?
ש [21] אויף דער ערד אין די גאַסן
ליגן אַלט און יונג;
מיינע מיידלעך און מיינע בחורים
זיינען געפאַלן פון שווערד;
האָסט געהרגעט אין טאָג פון דיין צאָרן,
געשאָכטן אָן רחמנות.
ת [22] האָסט גערופן ווי אויף אַ יום־טוב
מיינע שרעקענישן פון אַרום;
און ניט געווען אין טאָג פון גאָטס צאָרן
קיין אַנטרונענער און געבליבענער;
די וואָס איך האָב געצערטלט און אויפגעבראַכט
זיי האָט מיין שׂונא פאַרלענדט.

א

ג [1] איך בין דער מאַן וואָס האָט אָנגעזען פּיין
דורך דער רוט פון זיין צאָרן.
[2] ער האָט מיך געפירט און געמאַכט גיין
אין פינצטערניש און ניט ליכטיקייט.
[3] פאַרוואָר, קעגן מיר ווידער און ווידער
קערט ער זיין האַנט אַ גאַנצן טאָג.

ב

[4] ער האָט אָפּגעצערט מיין פלייש און מיין הויט,
ער האָט צעבראָכן מיינע ביינער.
[5] ער האָט מיך באַבויט, און אַרומגערינגלט
מיט גיפט און מיט מאַטערניש.
[6] ער האָט מיך אַריינגעזעצט אין חושכנישן,
ווי מתים פון לאַנג אָן.

ג

[7] ער האָט מיך פאַרצאַמט, אַז איך קען ניט אַרויסגיין,
ער האָט שווער געמאַכט מיין קייט.
[8] אַפילו ווען איך שריי און רוף,
פאַרשפּאַרט ער מיין תּפילה.
[9] ער האָט פאַרצאַמט מיינע וועגן מיט שטיינער,
ער האָט מיינע שטעגן פאַרקרימט.

ד

[10] אַ לויערדיקער בער איז ער מיר,
אַ לייב אין פאַרבאָרגעניש.
[11] ער האָט אָפּגעקערט מיינע וועגן, און מיך צעריסן,
וויסט האָט ער מיך געמאַכט.
[12] ער האָט געשפּאַנט זיין בויגן,
און מיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו דער פייל.

ה

[13] ער האָט אַריינגעלאָזט אין מיינע נירן,
די זין פון זיין פיילבייטל.
[14] איך בין געוואָרן אַ געלעכטער ביי מיין גאַנצן פאָלק,
זייער שפּאָטליד אַ גאַנצן טאָג.
[15] ער האָט מיך אָנגעזעט מיט ביטערנישן,
מיך געזעטיקט מיט ווערמוט.

ו

[16] און ער האָט צעבראָכן מיט שטיינדלעך מיינע ציין,
ער האָט מיך געוועלגערט אין אַש.
[17] און מיין זעל איז פאַרשטויסן פון פריד,
איך האָב פאַרגעסן אָן גוטס.
[18] און איך זאָג: פאַרלאָרן איז מיין שטאַרקייט,
און מיין האָפענונג פון גאָט.

ז

[19] די דערמאָנונג פון מיין פּיין און מיין וואָלגעניש,
איז ווערמוט און ביטערקרויט.
[20] דערמאָנען דערמאָנט זיך מיין זעל,
און זי בייגט זיך אין מיר.
[21] דאָס ענטפער איך צו מיין האַרצן,
דרום טו איך האַרן:

ח

[22] אַז די חסדים פון גאָט זיינען ניט אויסגעגאַנגען,
אַז ניט געענדיקט האָט זיך זיין רחמנות;
[23] זיי זיינען ניי אַלע פרימאָרגן;

רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ׃ חֶלְקִי יְהוָה אָמְרָה נַפְשִׁי עַל־כֵּן אוֹחִיל כד
לוֹ׃ טוֹב יְהוָה לְקֹוָו לְנֶפֶשׁ תִּדְרְשֶׁנּוּ׃ טוֹב וְיָחִיל כה כו
וְדוּמָם לִתְשׁוּעַת יְהוָה׃ טוֹב לַגֶּבֶר כִּי־יִשָּׂא עֹל בִּנְעוּרָיו׃ כז
יֵשֵׁב בָּדָד וְיִדֹּם כִּי נָטַל עָלָיו׃ יִתֵּן בֶּעָפָר פִּיהוּ אוּלַי כח כט
יֵשׁ תִּקְוָה׃ יִתֵּן לְמַכֵּהוּ לֶחִי יִשְׂבַּע בְּחֶרְפָּה׃ כִּי לֹא ל לא
יִזְנַח לְעוֹלָם אֲדֹנָי׃ כִּי אִם־הוֹגָה וְרִחַם כְּרֹב חֲסָדָיו׃ כִּי לב לג
לֹא עִנָּה מִלִּבּוֹ וַיַּגֶּה בְּנֵי־אִישׁ׃ לְדַכֵּא תַּחַת רַגְלָיו לד
כֹּל אֲסִירֵי אָרֶץ׃ לְהַטּוֹת מִשְׁפַּט־גָּבֶר נֶגֶד פְּנֵי עֶלְיוֹן׃ לה
לְעַוֵּת אָדָם בְּרִיבוֹ אֲדֹנָי לֹא רָאָה׃ מִי זֶה אָמַר לו לז
וַתֶּהִי אֲדֹנָי לֹא צִוָּה׃ מִפִּי עֶלְיוֹן לֹא תֵצֵא הָרָעוֹת וְהַטּוֹב׃ לח
מַה־יִּתְאוֹנֵן אָדָם חָי גֶּבֶר עַל־חֲטָאוֹ׃ נַחְפְּשָׂה לט מ
דְרָכֵינוּ וְנַחְקֹרָה וְנָשׁוּבָה עַד־יְהוָה׃ נִשָּׂא לְבָבֵנוּ אֶל־ מא
כַּפָּיִם אֶל־אֵל בַּשָּׁמָיִם׃ נַחְנוּ פָשַׁעְנוּ וּמָרִינוּ אַתָּה לֹא מב
סָלָחְתָּ׃ סַכֹּתָה בָאַף וַתִּרְדְּפֵנוּ הָרַגְתָּ* לֹא חָמָלְתָּ׃ מג
סַכּוֹתָה בֶעָנָן לָךְ מֵעֲבוֹר תְּפִלָּה׃ סְחִי וּמָאוֹס תְּשִׂימֵנוּ מד מה
בְּקֶרֶב הָעַמִּים׃ פָּצוּ עָלֵינוּ פִּיהֶם כָּל־אֹיְבֵינוּ׃ פַּחַד מו מז
וָפַחַת הָיָה לָנוּ הַשֵּׁאת וְהַשָּׁבֶר׃ פַּלְגֵי־מַיִם תֵּרַד עֵינִי מח
עַל־שֶׁבֶר בַּת־עַמִּי׃ עֵינִי נִגְּרָה וְלֹא תִדְמֶה מֵאֵין מט
הֲפֻגוֹת׃ עַד־יַשְׁקִיף וְיֵרֶא יְהוָה מִשָּׁמָיִם׃ עֵינִי עוֹלְלָה נ נא
לְנַפְשִׁי מִכֹּל בְּנוֹת עִירִי׃ צוֹד צָדוּנִי כַּצִּפּוֹר אֹיְבַי נב
חִנָּם׃ צָמְתוּ בַבּוֹר חַיָּי וַיַּדּוּ־אֶבֶן בִּי׃ צָפוּ־מַיִם עַל־ נג נד
רֹאשִׁי אָמַרְתִּי נִגְזָרְתִּי׃ קָרָאתִי שִׁמְךָ יְהוָה מִבּוֹר נה
תַּחְתִּיּוֹת׃ קוֹלִי שָׁמָעְתָּ אַל־תַּעְלֵם אָזְנְךָ לְרַוְחָתִי לְשַׁוְעָתִי׃ נו
קָרַבְתָּ בְּיוֹם אֶקְרָאֶךָּ אָמַרְתָּ אַל־תִּירָא׃ רַבְתָּ אֲדֹנָי נז נח
רִיבֵי נַפְשִׁי גָּאַלְתָּ חַיָּי׃ רָאִיתָה יְהוָה עַוָּתָתִי שָׁפְטָה נט
מִשְׁפָּטִי׃ רָאִיתָה כָּל־נִקְמָתָם כָּל־מַחְשְׁבֹתָם לִי׃ ס

כה׳ לקוו קרי  לד׳ חצי הספר בפסוקים  לה׳ קמץ בז״ק  לו׳ ע׳ זעירא
לט׳ מא׳ נג׳ קמץ בז״ק  לט׳ חטאיו קרי  מג׳ ס״א ולא

גרויס איז דיין טריישאַפט.
24 גאָט איז מיין חלק, זאָגט מיין זעל;
דרום האָף איך צו אים.

ט

25 גוּט איז גאָט צו די וואָס האַרן אויף אים,
צו דער זעל וואָס טוט אים זוכן.
26 גוּט איז מע זאָל האַרן אַ פאַרשוויגענער
אויף דער ישועה פון גאָט.
27 גוּט איז פאַר אַ מענטשן,
אַז ער זאָל טראָגן דעם יאָך אין זיין יוגנט;

י

28 ער זאָל זיצן אַליין און שווייגן,
ווען מע האָט אַרויפגעלייגט אויף אים;
29 ער זאָל לייגן אין אַש זיין מויל,
אפשר איז אַ האָפענונג פאַראַן;
30 ער זאָל געבן די באַק צו זיין שלעגער,
ער זאָל זיך זעטן מיט שאַנד.

כ

31 וואָרום ניט אויף אייביק
פאַרלאָזט גאָט;
וואָרום אויב ער האָט פאַראומערט,
דערבאַרימט ער אָבער לויט זיינע גרויסע חסָדים.
33 וואָרום ניט פון זיין האַרצן פייניקט ער,
און פאַראומערט די מענטשנקינדער.

ל

34 צו דריקן אונטער זיינע פיס
אַלע געפאַנגענע פון דער ערד,
35 צו פאַרבייגן דעם משפט פון אַ מאַן,
איז דערווידער דעם פנים פון דעם אויבערשטן;
38 צו קריוודען אַ מענטשן אין זיין קריג,
דאָס וויל גאָט ניט זען.

מ

37 ווער איז דער וואָס קען הייסן, און עס זאָל געשען,
אַז גאָט האָט ניט באַפוילן?
38 קומט ניט פון אויבערשטנס מויל אַרויס
דאָס שלעכטס און דאָס גוּטס?
39 וואָס קען זיך באַקלאָגן אַ לעבעדיקער מענטש?
אַ מאַן ביי אַלע זיינע זינד?

נ

40 לאָמיר נאָכזוכן און פאָרשן אונדזערע וועגן,
און לאָמיר זיך אומקערן צו גאָט.
41 לאָמיר אויפהייבן אונדזער האַרץ אויף די הענט
צו גאָט אין הימל.
42 מיר האָבן פאַרבראָכן און ווידערשפּעניקט;
ווילסט דו ניט פאַרגעבן?

ס

43 האָסט זיך באַדעקט מיט צאָרן, און אונדז נאָכגעיאָגט,
האָסט געהרגעט אָן רחמנות;
44 האָסט זיך באַדעקט מיט אַ וואָלקן,
אַז קיין תפילה זאָל ניט דורכגיין.
45 קויט און מיסט האָסטו אונדז געמאַכט
צווישן די פעלקער.

פ

46 געעפנט האָבן זייער מויל אויף אונדז
אַלע אונדזערע שׂונאים.
47 אַ גרויל און אַ גרוב איז געקומען אויף אונדז,
אַ פאַרוויסטונג און אַ בראָךא.
48 בעכן וואַסער טוט רינען מיין אויג
אויף דעם בראָך פון דער טאָכטער מיין פאָלק.

ע

49 מיין אויג גיסט, און וויל זיך ניט שטילן,
אָן אַן אויפהער,
50 ביז גאָט פון הימל
וועט לוגן און זען.
51 מיין אויג טוט וויי מיין זעל,
אום אַלע טעכטער פון מיין שטאָט.

צ

52 יאָגן ווי אַ פויגל האָבן מיך געיאָגט
מיינע אומזיסטיקע שׂונאים.
53 זיי האָבן פאַרשניטן אין גרוב מיין לעבן,
און שטיינער האָבן זיי געוואָרפן אויף מיר.
54 וואַסערן האָבן געפלייצט אויף מיין קאָפּ,
איך האָב געזאָגט: איך בין פאַרשניטן.

ק

55 איך האָב גערופן דיין נאָמען, יהוה,
פון דער אונטערשטער גרוב.
56 האָסט געהערט מיין קול,
זאָלסטו ניט פאַרהוילן דיין אויער פון מיין זיפץ, פון
מיין געשריי.
57 האָסט גענענט אין טאָג וואָס איך פלעג דיך רופן,
האָסט געזאָגט: זאָלסט ניט מורא האָבן.

ר

58 האָסט זיך אָנגענומען, גאָט, די קריג פון מיין זעל,
האָסט אויסגעלייזט מיין לעבן.
59 האָסט געזען, גאָט, מיין קריוודע,
משפּט מיין משפּט.
60 האָסט געזען זייער גאַנצע נקמה,
אַלע זייערע מחשבות אויף מיר.

א ווערטשפּיל: פַּחַד וָפַחַת–הַשֵּׁאת וְהַשָּׁבֶר.

סא סב שָׁמַעְתָּ חֶרְפָּתָם יְהוָה כָּל־מַחְשְׁבֹתָם עָלָי׃ שִׂפְתֵי קָמַי
סג וְהֶגְיוֹנָם עָלַי כָּל־הַיּוֹם׃ שִׁבְתָּם וְקִימָתָם הַבִּיטָה אֲנִי
סד מַנְגִּינָתָם׃ תָּשִׁיב לָהֶם גְּמוּל יְהוָה כְּמַעֲשֵׂה יְדֵיהֶם׃
סה סו תִּתֵּן לָהֶם מְגִנַּת־לֵב תַּאֲלָתְךָ לָהֶם׃ תִּרְדֹּף בְּאַף וְתַשְׁמִידֵם
מִתַּחַת שְׁמֵי יְהוָה׃

ד

א אֵיכָה יוּעַם זָהָב יִשְׁנֶא הַכֶּתֶם הַטּוֹב תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי־
ב קֹדֶשׁ בְּרֹאשׁ כָּל־חוּצוֹת׃ בְּנֵי צִיּוֹן הַיְקָרִים הַמְסֻלָּאִים
ג בַּפָּז אֵיכָה נֶחְשְׁבוּ לְנִבְלֵי־חֶרֶשׂ מַעֲשֵׂה יְדֵי יוֹצֵר׃ גַּם־
תַּנִּין חָלְצוּ שַׁד הֵינִיקוּ גּוּרֵיהֶן בַּת־עַמִּי לְאַכְזָר כַּיְ עֵנִים
ד בַּמִּדְבָּר׃ דָּבַק לְשׁוֹן יוֹנֵק אֶל־חִכּוֹ בַּצָּמָא עוֹלָלִים שָׁאֲלוּ
ה לֶחֶם פֹּרֵשׂ אֵין לָהֶם׃ הָאֹכְלִים לְמַעֲדַנִּים נָשַׁמּוּ בַּחוּצוֹת
ו הָאֱמֻנִים עֲלֵי תוֹלָע חִבְּקוּ אַשְׁפַּתּוֹת׃ וַיִּגְדַּל עֲוֹן בַּת־עַמִּי
מֵחַטַּאת סְדֹם הַהֲפוּכָה כְמוֹ־רָגַע וְלֹא־חָלוּ בָהּ יָדָיִם׃
ז זַכּוּ נְזִירֶיהָ מִשֶּׁלֶג צַחוּ מֵחָלָב אָדְמוּ עֶצֶם מִפְּנִינִים סַפִּיר
ח גִּזְרָתָם׃ חָשַׁךְ מִשְּׁחוֹר תָּאֳרָם לֹא נִכְּרוּ בַּחוּצוֹת צָפַד
ט עוֹרָם עַל־עַצְמָם יָבֵשׁ הָיָה כָעֵץ׃ טוֹבִים הָיוּ חַלְלֵי־חֶרֶב
י מֵחַלְלֵי רָעָב שֶׁהֵם יָזוּבוּ מְדֻקָּרִים מִתְּנוּבֹת שָׂדָי׃ יְדֵי
נָשִׁים רַחֲמָנִיּוֹת בִּשְּׁלוּ יַלְדֵיהֶן הָיוּ לְבָרוֹת לָמוֹ בְּשֶׁבֶר
יא בַּת־עַמִּי׃ כִּלָּה יְהוָה אֶת־חֲמָתוֹ שָׁפַךְ חֲרוֹן אַפּוֹ וַיַּצֶּת־
יב אֵשׁ בְּצִיּוֹן וַתֹּאכַל יְסוֹדֹתֶיהָ׃ לֹא הֶאֱמִינוּ מַלְכֵי־אֶרֶץ וְכֹל
יג יֹשְׁבֵי תֵבֵל כִּי יָבֹא צַר וְאוֹיֵב בְּשַׁעֲרֵי יְרוּשָׁלִָם׃ מֵחַטֹּאת
יד נְבִיאֶיהָ עֲוֹנוֹת כֹּהֲנֶיהָ הַשֹּׁפְכִים בְּקִרְבָּהּ דַּם צַדִּיקִים׃ נָעוּ
עִוְרִים בַּחוּצוֹת נְגֹאֲלוּ בַּדָּם בְּלֹא יוּכְלוּ יִגְּעוּ בִּלְבֻשֵׁיהֶם׃
טו סוּרוּ טָמֵא קָרְאוּ לָמוֹ סוּרוּ סוּרוּ אַל־תִּגָּעוּ כִּי נָצוּ גַּם־
טז נָעוּ אָמְרוּ בַּגּוֹיִם לֹא יוֹסִפוּ לָגוּר׃ פְּנֵי יְהוָה חִלְּקָם לֹא

---

ד, א׳ א׳ במקום ה׳   ג׳ תנים קרי   כי ענים קרי   ו׳ קמץ בז״ק   ז׳ מלרע
ט׳ ב׳ טעמים   יב׳ כל קרי   יד׳ נ׳ ועירא ומלרע

ש

61 האָסט געהערט זייער לעסטערונג, גאָט,
אַלע זייערע מחשבות אַקעגן מיר;
62 די ליפּן פון מיינע פיינט
און זייער טראַכטן אַקעגן מיר אַ גאַנצן טאָג.
63 זע זייער זיצן און זייער שטיין—
איך בין זייער שפּאָטליד.

ת

64 זאָלסט זיי אומקערן, גאָט, אַ פאַרגעלטונג
לויט די מעשׂים פון זייערע הענט.
65 זאָלסט זיי געבן האַרצדולעניש;
דיין קללה אויף זיי!
66 זאָלסט זיי יאָגן מיט צאָרן,
און זיי פאַרטיליקן פון אונטער די הימלען פון גאָט.

א ד 1 ווי איז פאַרטונקלט דאָס גאָלד,
פאַרביטן דאָס טייערע פיינגאָלד;
די הייליקע שטיינער צעשאָטן
אין אַלע עק גאַסן!
ב 2 די טייערע קינדער פון ציון,
מיט גינגאָלד געוויגן—
ווי זיינען זיי גערעכנט פאַר ליימענע קריג,
געמאַכט פון אַ טעפּערס הענט!
ג 3 אַפילו שאַקאַלן ציען אויס די ברוסט,
גיבן זויגן זייערע יונגע,
די טאָכטער מיין פאָלק איז אַן אַכזר געוואָרן,
אַזוי ווי שטרויספויגלען אין דער מדבר.
ד 4 די צונג פון דעם זויגעדיקן איז צוגעקלעפּט
צו זיין גומען פון דאָרשטיקייט;
קליינע קינדער בעטן ברויט,
און קיינער ברעכט זיי ניט אָפּ.
ה 5 די וואָס פלעגן עסן טייערע שפּייזן,
זיינען וויסט אין די גאַסן;
די דערצויגענע אין ווערמילרויט
טוליען זיך צו מיסטהויפנס.
ו 6 וואָרום די זינד פון דער טאָכטער מיין פאָלק
איז גרעסער ווי דער חטא פון סדום,
וואָס איז איבערגעקערט געוואָרן ווי אין אַ רגע,
און הענט צומאָל זיינען ניט געפאַלן אויף איר.
ז 7 אירע פירשטן זיינען געווען לויטערער פון שניי,
ווייסער פון מילך,
גערויטלטער אויפן לייב פון קאַרעלן;
סאַפּירשטיין זייער געשטאַלט.
ח 8 פינצטערער פון קויל איז זייער אויסזען,
זיי זיינען ניט צו דערקענען אויף דער גאַס;
זייער הויט איז צוגעקלעפּט צו זייערע ביינער,
אַיינגעדאַרט ווי האָלץ איז זי געוואָרן.
ט 9 בעסער איז די דערשלאָגענע פון שווערד,
ווי די דערשלאָגענע פון הונגער,
וואָס זיי גייען אויס דורכגענומענע,
אָן אַ פרוכט פון פעלד.
י 10 די הענט פון דערבאַרימדיקע מוטערס
האָבן געקאָכט זייערע קינדער;
זיי זיינען זיי צום שפּייז געווען,
אין דעם בראָך פון דער טאָכטער מיין פאָלק.
כ 11 גאָט האָט אויסגעלאָזט זיין כּעס,
אויסגעגאָסן זיין גרימצאָרן;
און ער האָט אָנגעצונדן אַ פייער אין ציון,
און עס האָט פאַרצערט אירע גרונטפעסטן.

ל 12 ניט געגלויבט האָבן די מלכים פון דער ערד,
און אַלע באַוווינער פון דער וועלט,
אַז אַ דריקער און אַ שׂונא וועט קומען
אין די טויערן פון ירושָלַיִם;
מ 13 פון וועגן די זינד פון אירע נביאים,
די פאַרברעכן פון אירע כּהנים,
וואָס האָבן בלוט פון גערעכטע
פאַרגאָסן אין איר.
נ 14 זיי וואָגלען ווי בלינדע אין די גאַסן,
זיי זיינען אַיינגעריכט אין בלוט,
ביז מע קען זיך ניט אָנרירן
אָן די קליידער זייערע.
ס 15 „קערט אַייך אָפּ! טמא!"
רופט מען צו זיי,
„קערט אַייך אָפּ! קערט אַייך אָפּ!
איר זאָלט זיך ניט אָנרירן!"
בעת זיי פליען און וואָגלען;
מע זאָגט צווישן די פעלקער:
זיי טאָרן זיך מער ניט אויפהאַלטן.
פ 16 דער צאָרן פון גאָט האָט זיי צעטיילט,

יוֹסִיף לְהַבִּיטָם פְּנֵי כֹהֲנִים לֹא נָשָׂאוּ זְקֵנִים לֹא חָנָנוּ׃
יז עוֹדֵינָה תִּכְלֶינָה עֵינֵינוּ אֶל־עֶזְרָתֵנוּ הָבֶל בְּצִפִּיָּתֵנוּ צִפִּינוּ
יח אֶל־גּוֹי לֹא יוֹשִׁעַ׃ צָדוּ צְעָדֵינוּ מִלֶּכֶת בִּרְחֹבֹתֵינוּ קָרַב
יט קִצֵּנוּ מָלְאוּ יָמֵינוּ כִּי־בָא קִצֵּנוּ׃ קַלִּים הָיוּ רֹדְפֵינוּ מִנִּשְׁרֵי
כ שָׁמָיִם עַל־הֶהָרִים דְּלָקֻנוּ בַּמִּדְבָּר אָרְבוּ לָנוּ׃ רוּחַ אַפֵּינוּ
מְשִׁיחַ יְהוָה נִלְכַּד בִּשְׁחִיתוֹתָם אֲשֶׁר אָמַרְנוּ בְּצִלּוֹ נִחְיֶה
כא בַגּוֹיִם׃ שִׂישִׂי וְשִׂמְחִי בַּת־אֱדוֹם יוֹשֶׁבֶתי בְּאֶרֶץ עוּץ
כב גַּם־עָלַיִךְ תַּעֲבָר־כּוֹס תִּשְׁכְּרִי וְתִתְעָרִי׃ תַּם עֲוֹנֵךְ בַּת־
צִיּוֹן לֹא יוֹסִיף לְהַגְלוֹתֵךְ פָּקַד עֲוֹנֵךְ בַּת־אֱדוֹם גִּלָּה עַל־
חַטֹּאתָיִךְ׃

## ה

א זְכֹר יְהוָה מֶה־הָיָה לָנוּ הַבִּיט וּרְאֵה אֶת־חֶרְפָּתֵנוּ׃
ב ג נַחֲלָתֵנוּ נֶהֶפְכָה לְזָרִים בָּתֵּינוּ לְנָכְרִים׃ יְתוֹמִים הָיִינוּ
ד אֵין אָב אִמֹּתֵינוּ כְּאַלְמָנוֹת׃ מֵימֵינוּ בְּכֶסֶף שָׁתִינוּ עֵצֵינוּ
ה בִּמְחִיר יָבֹאוּ׃ עַל־צַוָּארֵנוּ נִרְדָּפְנוּ יָגַעְנוּ לֹא הוּנַח־לָנוּ׃
ו ז מִצְרַיִם נָתַנּוּ יָד אַשּׁוּר לִשְׂבֹּעַ לָחֶם׃ אֲבֹתֵינוּ חָטְאוּ
ח אֵינָם אֲנַחְנוּ עֲוֹנֹתֵיהֶם סָבָלְנוּ׃ עֲבָדִים מָשְׁלוּ בָנוּ פֹּרֵק
ט אֵין מִיָּדָם׃ בְּנַפְשֵׁנוּ נָבִיא לַחְמֵנוּ מִפְּנֵי חֶרֶב הַמִּדְבָּר׃
י יא עוֹרֵנוּ כְּתַנּוּר נִכְמָרוּ מִפְּנֵי זַלְעֲפוֹת רָעָב׃ נָשִׁים בְּצִיּוֹן
יב עִנּוּ בְּתֻלֹת בְּעָרֵי יְהוּדָה׃ שָׂרִים בְּיָדָם נִתְלוּ פְּנֵי זְקֵנִים
יג לֹא נֶהְדָּרוּ׃ בַּחוּרִים טְחוֹן נָשָׂאוּ וּנְעָרִים בָּעֵץ כָּשָׁלוּ׃
יד טו זְקֵנִים מִשַּׁעַר שָׁבָתוּ בַּחוּרִים מִנְּגִינָתָם׃ שָׁבַת מְשׂוֹשׂ
טז לִבֵּנוּ נֶהְפַּךְ לְאֵבֶל מְחֹלֵנוּ׃ נָפְלָה עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ אוֹי־
יז נָא לָנוּ כִּי חָטָאנוּ׃ עַל־זֶה הָיָה דָוֶה לִבֵּנוּ עַל־אֵלֶּה חָשְׁכוּ
יח יט עֵינֵינוּ׃ עַל הַר־צִיּוֹן שֶׁשָּׁמֵם שׁוּעָלִים הִלְּכוּ־בוֹ׃ אַתָּה
כ יְהוָה לְעוֹלָם תֵּשֵׁב כִּסְאֲךָ לְדֹר וָדוֹר׃ לָמָּה לָנֶצַח

---

ד, טז׳ וזקנים קרי · יז׳ עודינו קרי · כא׳ יתיר י · ה, א׳ הביטה קרי · ג׳ ואין קרי
ה׳ קמץ בז"ק · ולא קרי · שורק עם התש · ז׳ ואינם קרי · ואנחנו קרי
יח׳ יתיר ה

ער וויל זיי מער ניט אָנקוקן;
כֹּהנים האָט מען ניט געשוינט,
זקנים האָט מען ניט געלייטזעליקט.

ע 17 אונדזערע אויגן גייען נאָך אַלץ אויס
נאָך אונדזער נישטיקער הילף;
אין אונדזער אויסקוק האָבן מיר אויסגעקוקט
אויף אַ פאָלק וואָס קען ניט העלפן.

צ 18 מע שפּירט נאָך אונדזערע טריט[א],
אַז מיר קענען ניט גיין אויף אונדזערע גאַסן;
נאָנט איז אונדזער סוֹף, פול זיינען אונדזערע טעג;
יאָ, געקומען איז אונדזער סוֹף.

ק 19 פלינקער זיינען אונדזערע נאָכיאָגער
ווי די אָדלערס פון הימל;
אויף די בערג האָבן זיי אונדז געיאָגט,
אין מדבּר האָבן זיי געלויערט אויף אונדז.

ר 20 דער אָטעם פון אונדזער נאָז, דער געזאַלבּטער פון
גאָט,
איז געפאַנגען געוואָרן אין זייערע גריבּער;
דער, וואָס מיר האָבּן געזאָגט: אין זיין שאָטן
וועלן מיר לעבּן צווישן די פעלקער.

ש 21 קוועל אָן און פריי זיך, טאָכטער אֱדום,
דו וואָס וווינסט אין לאַנד עוּץ;
צו דיר אויך וועט אַריבּער דער כּוֹס,
וועסט שיכּור ווערן, און זיך אָפּדעקן.

ת 22 געענדיקט איז דיין זינד, טאָכטער צִיוֹן,
ער וועט דיך מער ניט פאַרטרייבּן;
ער וועט דערמאָנען דיין פאַרבּרעך, טאָכטער אֱדום,
ער וועט אַנטפּלעקן דיינע זינד.

ה

1 גערענק, גאָט, וואָס איז געשען צו אונדז,
קוק און זע אונדזער שאַנד.
2 אונדזער נחלה איז איבּערגעגאַנגען צו פרעמדע,
אונדזערע הייזער צו אַנדערע.
3 מיר זיינען יתומים געוואָרן אָן אַ פאָטער,
אונדזערע מוטערס ווי אַלמנות.
4 אונדזער וואַסער טרינקען מיר פאַר געלט,
אונדזער האָלץ קומט אונדז אָן פאַר געצאָלט.
5 אויף אונדזער נאַקן ווערן מיר געיאָגט,
מיר זיינען מיד, און אונדז ווערט ניט באַרוט.
6 צו מִצרַיִם האָבּן מיר אַ האַנט אויסגעשטרעקט,
צו אַשוּר–זיך מיט בּרויט צו זעטן.
7 אונדזערע עלטערן האָבּן געזינדיקט, און זיינען מער
ניטאָ,
און מיר טראָגן זייערע פאַרבּרעכן.
8 קנעכט געוועלטיקן איבּער אונדז,
ניטאָ קיין אויסלייזער פון זייער האַנט.
9 מיט [אַיינשטעלן] אונדזער לעבּן קריגן מיר אונדזער
בּרויט,
פון וועגן דער שווערד פון מדבּר.
10 אונדזער הויט גליט ווי אַן אויוון,
פון וועגן די בּרענונגען פון הונגער.
11 ווייבּער האָט מען געפייניקט אין צִיוֹן,
יונגפרויען אין די שטעט פון יהודה.
12 האַרן זיינען געהאַנגען געוואָרן פון זייער האַנט;
פּנימער פון זקנים זיינען ניט געשוינט געוואָרן.
13 יונגעלייט האָבּן מילשטיינער געטראָגן,
און יינגלעך האָבּן אונטער האָלץ געשטרויכלט.
14 זקנים האָבּן פון טויער אויפגעהערט,
יונגעלייט פון זייער געזאַנג.
15 אויפגעהערט האָט די פרייד פון אונדזער האַרצן,
פאַרקערט איז אין טרויער אונדזער טאַנץ.
16 געפאַלן איז די קרוין פון אונדזער קאָפּ;
וויי אונדז! וואָרום מיר האָבּן געזינדיקט.

17 דערפאַר איז קראַנק אונדזער האַרץ,
איבּער דעם זיינען פינצטער אונדזערע אויגן:
18 איבּער דעם בּאַרג צִיוֹן וואָס איז וויסט–
פיקס גייען אום אויף אים.
19 דו, גאָט, טראָנסט אייבּיק,
דיין טראָן איז אויף דוֹר־דוֹרות,
20 פאַרוואָס פאַרגעסטו אונדז אויף שטענדיק,

[א] וואָרטשפּיל: צָדוּ צְעָדֵינוּ.

פאַרלאָזט אונדז אויף לאַנגע טעג?
21 קער אונדז אום צו דיר, גאָט, און לאָמיר זיך אומ־
קערן;
באַניי אונדזערע טעג ווי אַמאָל;
22 װאָרום אויב פאַראַכטן האָסטו אונדז פאַראַכט,
האָסטו אָבער געצערנט אויף אונדז ביז גאָר.

כא תִּשְׁכָּחֵ֔נוּ תַּעַזְבֵ֖נוּ לְאֹ֥רֶךְ יָמִֽים׃ הֲשִׁיבֵ֨נוּ יְהוָ֤ה ׀ אֵלֶ֙יךָ֙
כב וְֽנָשׁ֔וּבָ חַדֵּ֥שׁ יָמֵ֖ינוּ כְּקֶֽדֶם׃ כִּ֚י אִם־מָאֹ֣ס מְאַסְתָּ֔נוּ קָצַ֥פְתָּ
עָלֵ֖ינוּ עַד־מְאֹֽד׃

כא׳ ונשובה קרי

קער אונדז אום צו דיר, גאָט, און לאָמיר זיך אומקערן,
באַניי אונדזערע טעג ווי אַמאָל.

הֲשִׁיבֵ֨נוּ יְהוָ֤ה׀ אֵלֶ֙יךָ֙ וְנָשׁ֔וּבָה חַדֵּ֥שׁ יָמֵ֖ינוּ כְּקֶֽדֶם׃ סימן ית״קק׃

סכום פסוקי איכה מאה וחמשים וארבעה. וסימנו יסע קדים
בשמים. וחציו לדכא תחת רגליו׃

# קֹהֶלֶת

א ב דִּבְרֵי קֹהֶלֶת בֶּן־דָּוִד מֶלֶךְ בִּירוּשָׁלִָם׃ הֲבֵל הֲבָלִים
ג אָמַר קֹהֶלֶת הֲבֵל הֲבָלִים הַכֹּל הָבֶל׃ מַה־יִּתְרוֹן לָאָדָם
ד בְּכָל־עֲמָלוֹ שֶׁיַּעֲמֹל תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ׃ דּוֹר הֹלֵךְ וְדוֹר בָּא
ה וְהָאָרֶץ לְעוֹלָם עֹמָדֶת׃ וְזָרַח הַשֶּׁמֶשׁ וּבָא הַשָּׁמֶשׁ וְאֶל־
ו מְקוֹמוֹ שׁוֹאֵף זוֹרֵחַ הוּא שָׁם׃ הוֹלֵךְ אֶל־דָּרוֹם וְסוֹבֵב
אֶל־צָפוֹן סוֹבֵב ׀ סֹבֵב הוֹלֵךְ הָרוּחַ וְעַל־סְבִיבֹתָיו שָׁב
ז הָרוּחַ׃ כָּל־הַנְּחָלִים הֹלְכִים אֶל־הַיָּם וְהַיָּם אֵינֶנּוּ מָלֵא
ח אֶל־מְקוֹם שֶׁהַנְּחָלִים הֹלְכִים שָׁם הֵם שָׁבִים לָלָכֶת׃ כָּל־
הַדְּבָרִים יְגֵעִים לֹא־יוּכַל אִישׁ לְדַבֵּר לֹא־תִשְׂבַּע עַיִן
ט לִרְאוֹת וְלֹא־תִמָּלֵא אֹזֶן מִשְּׁמֹעַ׃ מַה־שֶּׁהָיָה הוּא שֶׁיִּהְיֶה
וּמַה־שֶּׁנַּעֲשָׂה הוּא שֶׁיֵּעָשֶׂה וְאֵין כָּל־חָדָשׁ תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ׃
י יֵשׁ דָּבָר שֶׁיֹּאמַר רְאֵה־זֶה חָדָשׁ הוּא כְּבָר הָיָה לְעֹלָמִים
יא אֲשֶׁר הָיָה מִלְּפָנֵנוּ׃ אֵין זִכְרוֹן לָרִאשֹׁנִים וְגַם לָאַחֲרֹנִים
שֶׁיִּהְיוּ לֹא־יִהְיֶה לָהֶם זִכָּרוֹן עִם שֶׁיִּהְיוּ לָאַחֲרֹנָה׃

**א** 1 די ווערטער פון קֹהֶלֶת דעם זון פון דודן, דעם מלך
אין ירושָלַיִם.

2 נישטיקייט פון נישטיקייטן, זאָגט קהלת,
נישטיקייט פון נישטיקייטן, אַלץ איז נישטיקייט.

3 וואָס פאַר אַ נוץ האָט דער מענטש פון זיין גאַנצער מי
וואָס ער מיט זיך אונטער דער זון?

4 אַ דָור פאַרגייט, און אַ דָור קומט,
און די ערד באַשטייט אייביק.

5 און די זון גייט אויף, און די זון גייט אונטער,
און יאָגט צו איר אָרט אַווּ זי גייט אויף.

6 דער ווינט גייט קיין דָרום,
און פאַרדרייט זיך קיין צפון,
רונד אַרום, רונד אַרום גייט ער,
און צו זיינע געדרייען קערט זיך אום דער ווינט.

7 אַלע טייכן גייען צום ים,
און דער ים ווערט ניט פול;
צו דעם אָרט וווהין די טייכן גייען,
אַהין גייען זיי ווידער.

8 אַלע ווערטער ווערן מיד,
קיין מענטש קען עס ניט אַרויסרעדן;
דאָס אויג קען זיך ניט אָנקוקן זאַט,
און דאָס אויער קען זיך ניט אָנהערן פול.

9 וואָס איז געווען דאָס וועט זיין,
און וואָס איז געשען דאָס וועט געשען,
און ניטאָ קיין נייס אונטער דער זון.

10 פאַראַן אַ זאַך וואָס מע זאָגט דערויף:
זע, דאָס איז אַ נייס;
איז עס שוין געווען אין אַלטע צייטן
וואָס זיינען געווען פאַר אונדז.

11 ניטאָ קיין זכר פון די פריערדיקע,
און פון די שפּעטערדיקע וואָס וועלן ערשט זיין,
אויך פון זיי וועט קיין זכר ניט זיין,
צווישן די וואָס וועלן זיין נאָך שפּעטער.

12 איך קהלת בין געווען אַ מלך איבער ישׂראל אין ירושָלַיִם. 13 און איך האָב אָפּגעגעבן מיין האַרץ צו זוכן און צו פאָרשן מיט חכמה וועגן אַלץ וואָס געשעט אונטער די הימלען. דאָס איז אַ שלעכטער ענין וואָס גאָט האָט געגעבן די מענטשנקינדער, זיך צו פאַרנעמען דערמיט. 14 איך האָב געזען אַלע טועכישן וואָס ווערן געטאָן אונטער דער זון, ערשט אַלץ איז נישטיקייט און ווינטיאָגעניש; 15 אַ קרומקייט וואָס מע קען ניט אויסגלייכן, און אַ פעלער וואָס קען ניט גוט געמאַכט ווערן.

16 איך האָב געטענהט מיט מיין האַרצן אַזוי צו זאָגן: אָט האָב איך געהאַט חכמה גרעסער און מער איידער אַלע וואָס זיינען געווען פאַר מיר אין ירושָלַיִם, און מיין האַרץ האָט געזען פיל חכמה און קענטשאַפט. 17 און איך האָב אָפּגעגעבן מיין האַרץ צו פאַרשטיין חכמה, אויך פאַרשטיין משוגעת און נאַרישקייט—בין איך געוואָר געוואָרן אַז דאָס אויך איז ווינטיאָגעניש.

18 וואָרום אין פיל חכמה איז פיל פאַרדראָס,
און מערט מען קענטשאַפט, מערט מען ווייטאָק.

ב

1 איך האָב געזאָגט ביי מיר אין האַרצן: קום אַקאָרשט, לאָמיך דיך פּרוון מיט פרייד, און האָב ווילטאָג; ערשט דאָס אויך איז נישטיקייט. 2 אויף געלעכטער האָב איך געזאָגט: עס איז משוגע; און אויף פרייד: וואָס טוט זי אויף? 3 איך האָב אויסגעקלערט ביי מיר אין האַרצן צו פאַרציען מיין לייב מיט וויין, אַז אי מיין האַרץ זאָל זיך פירן מיט חכמה, אי איך זאָל מיך האַלטן אָן נאַרישקייט, ביז איך וועל זען וואָס איז בעסער פאַר די מענטשנקינדער אַז זיי זאָלן טאָן אונטערן הימל אין די געציילטע טעג פון זייער לעבן. 4 איך האָב מיר אויפגעטאָן גרויסע זאַכן; איך האָב מיר געבויט הייזער, איך האָב מיר געפלאַנצט וויינגערטנער; 5 איך האָב מיר געמאַכט גערטנער און סעדער און איינגעפלאַנצט אין זיי ביימער פון אַלערליי פּירות. 6 איך האָב מיר געמאַכט וואַסערטייכן אָנצוטרינקען פון זיי דעם וואַקסיקן וואַלד וואָס שפּראָצט מיט ביימער. 7 איך האָב איינגעקויפט קנעכט און דינסטן, און הויזגעבאָרענע האָב איך געהאַט; אויך אַן אייגנס פון רינדער און שאָף אַ סך האָב איך געהאַט, מער פון אַלע וואָס זיינען געווען פאַר מיר אין ירושָלַיִם. 8 איך האָב מיר אָנגעזאַמלט אויך זילבער און גאָלד, און שאַצן פון מלכים און מְדינות. איך האָב מיר אַיינגעשאַפט זינגערס און זינגערינס, און תּענוגים פון מענטשנקינדער, ווייבער אויף ווייבער. 9 און איך בין געווען גרעסער און האָב פאַרמאָגט מער פון אַלע וואָס זיינען געווען פאַר מיר אין ירושָלַיִם; אויך איז מיין חכמה מיר ביי געשטאַנען. 10 און וואָס נאָר מיינע אויגן האָבן פאַרלאַנגט, האָב איך פון זיי ניט געמינערט; איך האָב ניט פאַרמיטן מיין האַרץ פון קיין פרייד, נייערט מיין האַרץ האָט זיך ווויל געטאָן מיט מיין גאַנצער מי, וואָרום דאָס איז געווען מיין חלק פון מיין

יב אֲנִי קֹהֶלֶת הָיִיתִי מֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל בִּירוּשָׁלָֽם׃ וְנָתַתִּי
יג אֶת־לִבִּי לִדְרוֹשׁ וְלָתוּר בַּחָכְמָה עַל כָּל־אֲשֶׁר נַעֲשָׂה תַּחַת
הַשָּׁמָיִם הוּא ׀ עִנְיַן רָע נָתַן אֱלֹהִים לִבְנֵי הָאָדָם לַעֲנוֹת
יד בּֽוֹ׃ רָאִיתִי אֶת־כָּל־הַמַּעֲשִׂים שֶׁנַּעֲשׂוּ תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ וְהִנֵּה
טו הַכֹּל הֶבֶל וּרְעוּת רֽוּחַ׃ מְעֻוָּת לֹא־יוּכַל לִתְקֹן וְחֶסְרוֹן
טז לֹא־יוּכַל לְהִמָּנֽוֹת׃ דִּבַּרְתִּי אֲנִי עִם־לִבִּי לֵאמֹר אֲנִי הִנֵּה
הִגְדַּלְתִּי וְהוֹסַפְתִּי חָכְמָה עַל כָּל־אֲשֶׁר־הָיָה לְפָנַי עַל־
יז יְרוּשָׁלָ͏ִם וְלִבִּי רָאָה הַרְבֵּה חָכְמָה וָדָֽעַת׃ וָאֶתְּנָה לִבִּי
לָדַעַת חָכְמָה וְדַעַת הֹלֵלוֹת וְשִׂכְלוּת יָדַעְתִּי שֶׁגַּם־זֶה הוּא
יח רַעְיוֹן רֽוּחַ׃ כִּי בְּרֹב חָכְמָה רָב־כָּעַס וְיוֹסִיף דַּעַת יוֹסִיף
מַכְאֽוֹב׃

ב

א אָמַרְתִּי אֲנִי בְּלִבִּי לְכָה־נָּא אֲנַסְּכָה בְשִׂמְחָה וּרְאֵה בְטוֹב
ב וְהִנֵּה גַם־הוּא הָֽבֶל׃ לִשְׂחוֹק אָמַרְתִּי מְהוֹלָל וּלְשִׂמְחָה
ג מַה־זֹּה עֹשָֽׂה׃ תַּרְתִּי בְלִבִּי לִמְשׁוֹךְ בַּיַּיִן אֶת־בְּשָׂרִי וְלִבִּי
נֹהֵג בַּחָכְמָה וְלֶאֱחֹז בְּסִכְלוּת עַד אֲשֶׁר־אֶרְאֶה אֵי־זֶה
טוֹב לִבְנֵי הָאָדָם אֲשֶׁר יַעֲשׂוּ תַּחַת הַשָּׁמַיִם מִסְפַּר יְמֵי
ד חַיֵּיהֶֽם׃ הִגְדַּלְתִּי מַעֲשָׂי בָּנִיתִי לִי בָּתִּים נָטַעְתִּי לִי כְּרָמִֽים׃
ה עָשִׂיתִי לִי גַּנּוֹת וּפַרְדֵּסִים וְנָטַעְתִּי בָהֶם עֵץ כָּל־פֶּֽרִי׃
ו עָשִׂיתִי לִי בְּרֵכוֹת מָיִם לְהַשְׁקוֹת מֵהֶם יַעַר צוֹמֵחַ עֵצִֽים׃
ז קָנִיתִי עֲבָדִים וּשְׁפָחוֹת וּבְנֵי־בַיִת הָיָה לִי גַּם מִקְנֶה בָקָר
ח וָצֹאן הַרְבֵּה הָיָה לִי מִכֹּל שֶׁהָיוּ לְפָנַי בִּירוּשָׁלָֽם׃ כָּנַסְתִּי
לִי גַּם־כֶּסֶף וְזָהָב וּסְגֻלַּת מְלָכִים וְהַמְּדִינוֹת עָשִׂיתִי לִי
ט שָׁרִים וְשָׁרוֹת וְתַעֲנוּגֹת בְּנֵי הָאָדָם שִׁדָּה וְשִׁדּֽוֹת׃ וְגָדַלְתִּי
וְהוֹסַפְתִּי מִכֹּל שֶׁהָיָה לְפָנַי בִּירוּשָׁלָ͏ִם אַף חָכְמָתִי עָמְדָה
י לִּֽי׃ וְכֹל אֲשֶׁר שָׁאֲלוּ עֵינַי לֹא אָצַלְתִּי מֵהֶם לֹא־מָנַעְתִּי
אֶת־לִבִּי מִכָּל־שִׂמְחָה כִּי־לִבִּי שָׂמֵחַ מִכָּל־עֲמָלִי וְזֶה־הָיָה

ב, ג׳ בס״א עַד | אֲשֶׁר אֶרְאֶה

חֵלְקִי מִכָּל־עֲמָלִי׃ וּפָנִיתִי אֲנִי בְּכָל־מַעֲשַׂי שֶׁעָשׂוּ יָדַי יא
וּבֶעָמָל שֶׁעָמַלְתִּי לַעֲשׂוֹת וְהִנֵּה הַכֹּל הֶבֶל וּרְעוּת רוּחַ
וְאֵין יִתְרוֹן תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ׃ וּפָנִיתִי אֲנִי לִרְאוֹת חָכְמָה יב
וְהוֹלֵלוֹת וְסִכְלוּת כִּי ׀ מֶה הָאָדָם שֶׁיָּבוֹא אַחֲרֵי הַמֶּלֶךְ
אֵת אֲשֶׁר־כְּבָר עָשׂוּהוּ׃ וְרָאִיתִי אָנִי שֶׁיֵּשׁ יִתְרוֹן לַחָכְמָה יג
מִן־הַסִּכְלוּת כִּיתְרוֹן הָאוֹר מִן־הַחֹשֶׁךְ׃ הֶחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ יד
וְהַכְּסִיל בַּחֹשֶׁךְ הוֹלֵךְ וְיָדַעְתִּי גַם־אָנִי שֶׁמִּקְרֶה אֶחָד יִקְרֶה
אֶת־כֻּלָּם׃ וְאָמַרְתִּי אֲנִי בְּלִבִּי כְּמִקְרֵה הַכְּסִיל גַּם־אֲנִי טו
יִקְרֵנִי וְלָמָּה חָכַמְתִּי אֲנִי אָז יוֹתֵר וְדִבַּרְתִּי בְלִבִּי שֶׁגַּם־זֶה
הָבֶל׃ כִּי אֵין זִכְרוֹן לֶחָכָם עִם־הַכְּסִיל לְעוֹלָם בְּשֶׁכְּבָר טז
הַיָּמִים הַבָּאִים הַכֹּל נִשְׁכָּח וְאֵיךְ יָמוּת הֶחָכָם עִם־הַכְּסִיל׃
וְשָׂנֵאתִי אֶת־הַחַיִּים כִּי רַע עָלַי הַמַּעֲשֶׂה שֶׁנַּעֲשָׂה תַּחַת יז
הַשָּׁמֶשׁ כִּי־הַכֹּל הֶבֶל וּרְעוּת רוּחַ׃ וְשָׂנֵאתִי אֲנִי אֶת־כָּל־ יח
עֲמָלִי שֶׁאֲנִי עָמֵל תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ שֶׁאַנִּיחֶנּוּ לָאָדָם שֶׁיִּהְיֶה
אַחֲרָי׃ וּמִי יוֹדֵעַ הֶחָכָם יִהְיֶה אוֹ סָכָל וְיִשְׁלַט בְּכָל־ יט
עֲמָלִי שֶׁעָמַלְתִּי וְשֶׁחָכַמְתִּי תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ גַּם־זֶה הָבֶל׃
וְסַבּוֹתִי אֲנִי לְיַאֵשׁ אֶת־לִבִּי עַל כָּל־הֶעָמָל שֶׁעָמַלְתִּי תַּחַת כ
הַשָּׁמֶשׁ׃ כִּי־יֵשׁ אָדָם שֶׁעֲמָלוֹ בְּחָכְמָה וּבְדַעַת וּבְכִשְׁרוֹן כא
וּלְאָדָם שֶׁלֹּא עָמַל־בּוֹ יִתְּנֶנּוּ חֶלְקוֹ גַּם־זֶה הֶבֶל וְרָעָה
רַבָּה׃ כִּי מֶה־הֹוֶה לָאָדָם בְּכָל־עֲמָלוֹ וּבְרַעְיוֹן לִבּוֹ שֶׁהוּא כב
עָמֵל תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ׃ כִּי כָל־יָמָיו מַכְאֹבִים וָכַעַס עִנְיָנוֹ כג
גַּם־בַּלַּיְלָה לֹא־שָׁכַב לִבּוֹ גַּם־זֶה הֶבֶל הוּא׃ אֵין־טוֹב כד
בָּאָדָם שֶׁיֹּאכַל וְשָׁתָה וְהֶרְאָה אֶת־נַפְשׁוֹ טוֹב בַּעֲמָלוֹ גַּם־
זֹה רָאִיתִי אָנִי כִּי מִיַּד הָאֱלֹהִים הִיא׃ כִּי מִי יֹאכַל וּמִי כה
יָחוּשׁ חוּץ מִמֶּנִּי׃ כִּי לְאָדָם שֶׁטּוֹב לְפָנָיו נָתַן חָכְמָה וְדַעַת כו
וְשִׂמְחָה וְלַחוֹטֶא נָתַן עִנְיָן לֶאֱסֹף וְלִכְנוֹס לָתֵת לְטוֹב
לִפְנֵי הָאֱלֹהִים גַּם־זֶה הֶבֶל וּרְעוּת רוּחַ׃

טז׳ קמץ בז״ק   כ׳ כא לְיַאֵשׁ   כב׳ הה׳ בשוא   כו׳ כצל

גאַנצער מי. [11] אָבער איך האָב זיך אומגעקוקט אויף אַלע מיינע אויפטוען וואָס מיינע הענט האָבן אויפגעטאָן, און אויף דער מי וואָס איך האָב מיך געמיט כּדי דאָס אויפ־צוטאָן, ערשט אַלץ נישטיקייט און ווינטיאָגעניש, און גאָר־נישט קומט אַרויס אונטער דער זון.

[12] און איך האָב מיך געקערט צו באַקוקן חכמה און משוגעת און נאַרישקייט; וואָרום וואָס [קען אויפטאָן] דער מענטש וואָס קומט נאָכן מלך? בלויז דאָס וואָס מע האָט שוין פריער געטאָן. [13] און איך האָב אַיינגעזען אַז די מעלה פון חכמה איבער נאַרישקייט איז אַזוי ווי די מעלה פון ליכטיקייט איבער פינצטערניש.

[14] דער חכם האָט זיינע אויגן אין קאָפּ,
און דער נאַר גייט אין דער פינצטער.

אָבער איך האָב אויך געמערקט אַז איין טראַף טרעפט זיי אַלעמען. [15] און איך האָב געזאָגט בײַ מיר אין האַרצן: אַזוי ווי עס טרעפט דעם נאַרן אַזוי וועט אויך מיך טרעפן, היינט נאָך וואָס דען בין איך געווען קליגער? און איך האָב געטענהט בײַ מיר אין האַרצן, אַז דאָס אויך איז נישטיקייט. [16] וואָרום פון דעם חכם אַזוי ווי פון דעם נאַרן בלייבט ניט קיין זכר אויף אייביק; ווייל אין די קומעדיקע טעג וועט אַלץ זיין שוין פאַרגעסן; און ווי שטאַרבט דער חכם? אַזוי ווי דער נאַר. [17] און איך האָב פיינט געקראָגן דאָס לעבן, וואָרום מיר איז אויסגעקומען שלעכט די געשעאונג וואָס געשעט אונטער דער זון, ווייל אַלץ איז נישטיקייט און ווינטיאָגעניש.

[18] און איך האָב פיינט געקראָגן מיין גאַנצע מי וואָס איך מי מיך דערויף אונטער דער זון, כּדי אַז איך מוז עס איבערלאָזן צו אַ מענטשן וואָס וועט זיין נאָך מיר. [19] און ווער ווייס אויב ער וועט זיין אַ חכם אָדער אַ נאַר? פון דעסט־וועגן וועט ער געוועלטיקן איבער מיין גאַנצער מי וואָס איך האָב מיך געמיט און געקליגט דערויף אונטער דער זון. דאָס אויך איז נישטיקייט. [20] און איך האָב מיך אומגעדרייט צו לאָזן מיין האַרץ זיך מיַאֵש צו זיין פון דער גאַנצער מי וואָס איך האָב מיך געמיט אונטער דער זון. [21] וואָרום פאַראַן אַ מענטש וואָס זיין מי איז מיט חכמה, און מיט קענשאַפט, און מיט בְּרִיָהשאַפט, און ער לאָזט עס איבער פאַר אַ חלק צו אַ מענטשן וואָס האָט זיך דערויף ניט געמיט. דאָס אויך איז נישטיקייט און אַ גרויס בייז. [22] וואָרום וואָס האָט דער מענטש פון זיין גאַנצער מי, און פון דעם האָוון פון זיין האַרצן, אַז ער זאָל זיך מיען אונטער דער זון? [23] וואָרום אַלע זיינע טעג זיינען ווייטאָקן, און זיין עסק איז ערגערניש; אַפילו בײַ נאַכט ליגט ניט אַיין זיין האַרץ. דאָס אויך איז נישטיקייט.

[24] ניטאָ בעסערס פאַרן מענטשן, ווי ער זאָל עסן און טרינקען, און זיך לאָזן ווויל גיין פאַר זיין מי. דאָס אויך, האָב איך אַיינגעזען, אַז דאָס איז פון גאָטס האַנט– [25] וואָרום: ווער זאָל עסן און ווער זאָל הנאה האָבן, אויב ניט איך?– [26] ווייל דעם מענטשן וואָס איז ווילגעפעלן פאַר אים, גיט ער חכמה, און קענשאַפט, און פרייד; און דעם זינדיקן גיט ער אַן עסק צו קלייבן און צו זאַמלען, כּדי איבערצולאָזן צו דעם וואָס איז ווילגעפעלן פאַר גאָט. דאָס אויך איז נישטיקייט און ווינטיאָגעניש.

ג [1] אויף אַלץ איז דאָ אַ שעה, און אַ צייט פאַר איט־
לעכער זאַך אונטערן הימל.

[2] אַ צייט געבאָרן צו ווערן,
און אַ צייט צו שטאַרבן;
אַ צייט צו פלאַנצן,
און אַ צייט אויסצורייסן דאָס געפלאַנצטע.
[3] אַ צייט צו הרגען,
און אַ צייט צו היילן;
אַ צייט צו ברעכן,
און אַ צייט צו בויען.
[4] אַ צייט צו וויינען,
און אַ צייט צו לאַכן;
אַ צייט צו קלאָגן,
און אַ צייט צו טאַנצן.
[5] אַ צייט אַוועקצוואַרפן שטיינער,
און אַ צייט אויפצוקלייבן שטיינער;
אַ צייט צו האַלדזן,
און אַ צייט זיך צו דערווייטערן פון האַלדזן.
[6] אַ צייט צו זוכן,
און אַ צייט אָנצוווערן;
אַ צייט צו היטן,
און אַ צייט אַוועקצוואַרפן.
[7] אַ צייט צו רייסן,
און אַ צייט צו נייען;
אַ צייט צו שווייגן,
און אַ צייט צו רעדן.

ג

א לַכֹּל זְמָן וְעֵת לְכָל־חֵפֶץ תַּחַת הַשָּׁמָיִם׃
ב עֵת לָלֶדֶת וְעֵת לָמוּת
עֵת לָטַעַת וְעֵת לַעֲקוֹר נָטוּעַ׃
ג עֵת לַהֲרוֹג וְעֵת לִרְפּוֹא
עֵת לִפְרוֹץ וְעֵת לִבְנוֹת׃
ד עֵת לִבְכּוֹת וְעֵת לִשְׂחוֹק
עֵת סְפוֹד וְעֵת רְקוֹד׃
ה עֵת לְהַשְׁלִיךְ אֲבָנִים וְעֵת כְּנוֹס אֲבָנִים
עֵת לַחֲבוֹק וְעֵת לִרְחֹק מֵחַבֵּק׃
ו עֵת לְבַקֵּשׁ וְעֵת לְאַבֵּד
עֵת לִשְׁמוֹר וְעֵת לְהַשְׁלִיךְ׃
ז עֵת לִקְרוֹעַ וְעֵת לִתְפּוֹר
עֵת לַחֲשׁוֹת וְעֵת לְדַבֵּר׃
ח עֵת לֶאֱהֹב וְעֵת לִשְׂנֹא
עֵת מִלְחָמָה וְעֵת שָׁלוֹם׃
ט מַה־יִּתְרוֹן הָעוֹשֶׂה בַּאֲשֶׁר הוּא עָמֵל׃ רָאִיתִי אֶת־הָעִנְיָן
יא אֲשֶׁר נָתַן אֱלֹהִים לִבְנֵי הָאָדָם לַעֲנוֹת בּוֹ׃ אֶת־הַכֹּל
עָשָׂה יָפֶה בְעִתּוֹ גַּם אֶת־הָעֹלָם נָתַן בְּלִבָּם מִבְּלִי אֲשֶׁר
לֹא־יִמְצָא הָאָדָם אֶת־הַמַּעֲשֶׂה אֲשֶׁר־עָשָׂה הָאֱלֹהִים מֵרֹאשׁ
יב וְעַד־סוֹף׃ יָדַעְתִּי כִּי אֵין טוֹב בָּם כִּי אִם־לִשְׂמוֹחַ וְלַעֲשׂוֹת
יג טוֹב בְּחַיָּיו׃ וְגַם כָּל־הָאָדָם שֶׁיֹּאכַל וְשָׁתָה וְרָאָה טוֹב
יד בְּכָל־עֲמָלוֹ מַתַּת אֱלֹהִים הִיא׃ יָדַעְתִּי כִּי כָּל־אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה
הָאֱלֹהִים הוּא יִהְיֶה לְעוֹלָם עָלָיו אֵין לְהוֹסִיף וּמִמֶּנּוּ אֵין
טו לִגְרֹעַ וְהָאֱלֹהִים עָשָׂה שֶׁיִּרְאוּ מִלְּפָנָיו׃ מַה־שֶּׁהָיָה כְּבָר
הוּא וַאֲשֶׁר לִהְיוֹת כְּבָר הָיָה וְהָאֱלֹהִים יְבַקֵּשׁ אֶת־נִרְדָּף׃
טז וְעוֹד רָאִיתִי תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ מְקוֹם הַמִּשְׁפָּט שָׁמָּה הָרֶשַׁע
יז וּמְקוֹם הַצֶּדֶק שָׁמָּה הָרָשַׁע׃ אָמַרְתִּי אֲנִי בְּלִבִּי אֶת־הַצַּדִּיק

[8] אַ צייט ליב צו האָבן,
און צייט פיינט צו האָבן;
אַ צייט פאַר מלחמה,
און אַ צייט פאַר שלום.

[9] וואָס קומט אַרויס דעם טוער וואָס ער מיט זיך? [10] איך האָב געזען דעם עסק וואָס גאָט האָט געגעבן די מענטשן־
קינדער זיך צו עסקן דערמיט. [11] אַלצדינג האָט ער געמאַכט שיין אין זיין צייט, אויך די וועלט האָט ער אַריינגעטאָן
אין זייער האַרצן, אָבער אַזוי אַז דער מענטש קען ניט אויסגעפינען דעם באַשאַף וואָס גאָט האָט באַשאַפן, פון אָנהייב
ביזן סוף. [12] איך ווייס אַז ניטאָ בעסערס פאַר זיי, ווי נאָר זיך צו פרייען, און זיך ווויל צו טאָן, אין זייער לעבן. [13] אָבער
אויך אַז עמיצער אַ מענטש עסט און טרינקט, און האָט ווילטאָג פאַר אַל זיין מי, איז דאָס אַ מתנה פון גאָט. [14] איך ווייס
אַז אַלץ וואָס גאָט מאַכט, דאָס וועט זיין אייביק; דערצו איז ניט צוצולייגן, און דערפון איז ניט צו מינערן; און גאָט האָט
געמאַכט אַז מע זאָל מורא האָבן פאַר אים. [15] דאָס וואָס איז, איז שוין געווען, און דאָס וואָס דאַרף ערשט זיין, איז שוין
געווען. אָבער גאָט מאָנט אויף פאַר דעם גערודפטן.
[16] און נאָך האָב איך געזען אונטער דער זון: אין דעם אָרט פון גערעכטיקייט, דאָרטן איז אומרעכט, און אין דעם
אָרט פון רעכטפאַרטיקייט, דאָרטן איז אומרעכט. [17] האָב איך געזאָגט ביי זיך אין האַרצן: אי דעם צדיק אי דעם

וְאֶת־הָרָשָׁע יִשְׁפֹּט הָאֱלֹהִים כִּי־עֵת לְכָל־חֵפֶץ וְעַל כָּל־
הַמַּעֲשֶׂה שָׁם׃ אָמַרְתִּי אֲנִי בְּלִבִּי עַל־דִּבְרַת בְּנֵי הָאָדָם יח
לְבָרָם הָאֱלֹהִים וְלִרְאוֹת שְׁהֶם־בְּהֵמָה הֵמָּה לָהֶם׃ כִּי יט
מִקְרֶה בְנֵי־הָאָדָם וּמִקְרֶה הַבְּהֵמָה וּמִקְרֶה אֶחָד לָהֶם
כְּמוֹת זֶה כֵּן מוֹת זֶה וְרוּחַ אֶחָד לַכֹּל וּמוֹתַר הָאָדָם מִן־
הַבְּהֵמָה אָיִן כִּי הַכֹּל הָבֶל׃ הַכֹּל הוֹלֵךְ אֶל־מָקוֹם אֶחָד כ
הַכֹּל הָיָה מִן־הֶעָפָר וְהַכֹּל שָׁב אֶל־הֶעָפָר׃ מִי יוֹדֵעַ רוּחַ כא
בְּנֵי הָאָדָם הָעֹלָה הִיא לְמָעְלָה וְרוּחַ הַבְּהֵמָה הַיֹּרֶדֶת
הִיא לְמַטָּה לָאָרֶץ׃ וְרָאִיתִי כִּי אֵין טוֹב מֵאֲשֶׁר יִשְׂמַח כב
הָאָדָם בְּמַעֲשָׂיו כִּי־הוּא חֶלְקוֹ כִּי מִי יְבִיאֶנּוּ לִרְאוֹת בְּמֶה
שֶׁיִּהְיֶה אַחֲרָיו׃

ד

וְשַׁבְתִּי אֲנִי וָאֶרְאֶה אֶת־כָּל־הָעֲשֻׁקִים אֲשֶׁר נַעֲשִׂים תַּחַת א
הַשָּׁמֶשׁ וְהִנֵּה ׀ דִּמְעַת הָעֲשֻׁקִים וְאֵין לָהֶם מְנַחֵם וּמִיַּד
עֹשְׁקֵיהֶם כֹּחַ וְאֵין לָהֶם מְנַחֵם׃ וְשַׁבֵּחַ אֲנִי אֶת־הַמֵּתִים ב
שֶׁכְּבָר מֵתוּ מִן־הַחַיִּים אֲשֶׁר הֵמָּה חַיִּים עֲדֶנָה׃ וְטוֹב ג
מִשְּׁנֵיהֶם אֵת אֲשֶׁר־עֲדֶן לֹא הָיָה אֲשֶׁר לֹא־רָאָה אֶת־
הַמַּעֲשֶׂה הָרָע אֲשֶׁר נַעֲשָׂה תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ׃ וְרָאִיתִי אֲנִי ד
אֶת־כָּל־עָמָל וְאֵת כָּל־כִּשְׁרוֹן הַמַּעֲשֶׂה כִּי הִיא קִנְאַת־אִישׁ
מֵרֵעֵהוּ גַּם־זֶה הֶבֶל וּרְעוּת רוּחַ׃ הַכְּסִיל חֹבֵק אֶת־יָדָיו ה
וְאֹכֵל אֶת־בְּשָׂרוֹ׃ טוֹב מְלֹא כַף נָחַת מִמְּלֹא חָפְנַיִם עָמָל ו
וּרְעוּת רוּחַ׃ וְשַׁבְתִּי אֲנִי וָאֶרְאֶה הֶבֶל תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ׃ יֵשׁ ז ח
אֶחָד וְאֵין שֵׁנִי גַּם בֵּן וָאָח אֵין־לוֹ וְאֵין קֵץ לְכָל־עֲמָלוֹ גַּם־
עֵינָיו לֹא־תִשְׂבַּע עֹשֶׁר וּלְמִי ׀ אֲנִי עָמֵל וּמְחַסֵּר אֶת־נַפְשִׁי
מִטּוֹבָה גַּם־זֶה הֶבֶל וְעִנְיַן רָע הוּא׃ טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן־ ט
הָאֶחָד אֲשֶׁר יֵשׁ־לָהֶם שָׂכָר טוֹב בַּעֲמָלָם׃ כִּי אִם־יִפֹּלוּ י
הָאֶחָד יָקִים אֶת־חֲבֵרוֹ וְאִילוֹ הָאֶחָד שֶׁיִּפּוֹל וְאֵין שֵׁנִי

ג, יח׳ הה׳ בשוא   יט׳ קמץ בז״ק   ד, ח׳ עינו קרי   י׳ ב׳ טעמים

רשע וועט גאָט משפּטן, וואָרום אַ צייט פאַר איטלעכער זאַך און פאַר איטלעכער טואונג איז דאָרטן דאָ. [18] איך האָב געזאָגט בײ זיך אין האַרצן: דאָס איז פון וועגן די מענטשנקינדער; כּדי גאָט זאָל זײ לײטערן, און כּדי זײ אַליין זאָלן זען אַז זײ זיינען ווי אַ בהמה. [19] וואָרום דער טראַף פון די מענטשנקינדער איז דער טראַף פון דער בהמה; איין טראַף בײ זײ. ווי דער שטאַרבט, אַזוי שטאַרבט דער, און איין אָטעם בײ ביידן, און קיין מעלה פון מענטשן איבער דער בהמה איז ניטאָ, וואָרום אַלץ איז נישטיקייט. [20] ביידע קומען אַהין אין איין אָרט, ביידע זיינען פון שטויב, און ביידע קערן זיך אום צו שטויב. [21] ווער ווייס דעם גייסט פון די מענטשנקינדער, אויב ער גייט אַרויף אין דער הייך, און דעם גייסט פון דער בהמה, אויב ער נידערט אונטן צו דער ערד? [22] און איך האָב איינגעזען אַז ניטאָ בעסערס, ווי דער מענטש זאָל הנאה האָבן פון זיינע אויפטוען, וואָרום דאָס איז זיין חלק; ווייל ווער וועט אים ברענגען אָנצוקוקן וואָס וועט זיין נאָך אים?

ד [1] און איך האָב ווידער געזען אַלע רויבערייען וואָס ווערן אָפּגעטאָן אונטער דער זון. און אָט זיינען די טרערן פון די געדריקטע, און ניטאָ ווער זאָל זײ טרייסטן; און אויף דער זייט פון זייערע דריקער איז די מאַכט, און ניטאָ ווער זאָל זײ טרייסטן. [2] דרום האַלט איך די טויטע וואָס זיינען שוין געשטאָרבן פאַר גליקלעכער פון די לעבעדיקע וואָס לעבן נאָך. [3] און בעסער פון זײ ביידן איז דעם וואָס איז נאָך ניט געווען, וואָס האָט ניט געזען די שלעכטע מעשׂים וואָס ווערן אָפּגעטאָן אונטער דער זון.

[4] און איך האָב געזען יעטוועדער מי, און יעטוועדער בּריִהשאַפט אין אַרבעט, אַז דאָס איז אויס קנאה פון איינעם צום אַנדערן. דאָס אויך איז נישטיקייט און ווינטיאָגעניש.

[5] דער נאַר פאַרלייגט זיינע הענט,
און עסט זיין אייגן פלייש.
[6] בעסער אַ האַנטפול מנוחה,
איידער פולע הויפנס מי און ווינטיאָגעניש.

[7] און איך האָב ווידער געזען נישטיקייט אונטער דער זון. [8] פאַראַן איינער, אָן אַ צווייטן [צו זיך]; צומאָל אַ זון אָדער אַ ברודער האָט ער ניט, פון דעסטוועגן איז ניטאָ קיין ענד צו זיין מיעניש, און זיין אויג קען זיך ניט אָנזעטן מיט עשירות; „און פאַר וועמען מי איך מיך, און מינער זיך פון גוטס?" דאָס אויך איז נישטיקייט, און עס איז אַ שלעכטער ענין.

[9] בעסער צוויי איידער איינער, וואָרום זײ האָבן אַ גוטן לוין פאַר זייער מי. [10] וואָרום אַז זײ פאַלן, הייבט איינער אויף דעם אַנדערן, אָבער ווי צו דעם איינצלנעם וואָס פאַלט, און ניטאָ אַ צווייטער אים אויפצוהייבן.

11 דעסגלייכן אַז צוויי ליגן באַנאַנד, איז זיי וואַרעם, אָבער
איינעם ווי קען וואַרעם ווערן? 12 און אויב עמיצער קען
איבערשטאַרקן דעם איינעם, וועלן אָבער צוויי זיך שטעלן
קעגן אים. און אַ דרייַעדיקער פאָדים וועט ניט אויף גיך
צעריסן ווערן.

13 בעסער אַן אָרים ייִנגל און אַ חכם, איידער אַן
אַלטער מלך און אַ נאַר, וואָס ווייס ניט מער צו זיין אָפּ־
געהיט. 14 וואָרום פון געפענקעניש איז יענער אַרויסגע־
גאַנגען צו ווערן אַ מלך, הגם ער איז געבאָרן געוואָרן
אָרים, אונטער דעמס מלוכה. 15 איך האָב געזען אַלע
לעבעדיקע וואָס גייען אונטער דער זון, האַלטן מיט דעם
ייִנגל, דעם צווייטן וואָס שטייט אויף אויף זיין אָרט; 16 ניט
געווען קיין ענד צו אַלדעם פאָלק, צו אַלע וואָס ער איז
געווען זייער אָנפירער; פון דעסטוועגן וועלן די שפּעטער־
דיקע זיך ניט פרייען מיט אים. יאָ, דאָס אויך איז
נישטיקייט און ווינטיאָגעניש.

17 היט דיין פוס, אַז דו גייסט אין גאָטס הויז, וואָרום
געהאָרכן איז אָנגעלייגטער, ווי וואָס די נאַרן גיבן אַ
שלאַכטאָפּפער; הגם זיי ווייסן ניט אַז זיי טוען שלעכט.

ה 1 זאָלסט ניט זיין האַסטיק מיט דיין מויל, און דיין
האַרץ זאָל זיך ניט איילן אַרויסצולאָזן אַ וואָרט
פאַר גאָט, וואָרום גאָט איז אין הימל און דו ביסט אויף
דער ערד; דרום זאָלן דיינע ווערטער זיין ווייניק.

2 וואָרום אַ חלום קומט מיט פיל געשלידער,
און דער קול פון אַ נאַרן מיט פיל ווערטער.

יא לַהֲקִימוֹ׃ גַּם אִם־יִשְׁכְּבוּ שְׁנַיִם וְחַם לָהֶם וּלְאֶחָד אֵיךְ
יב יֵחָם׃ וְאִם־יִתְקְפוֹ הָאֶחָד הַשְּׁנַיִם יַעַמְדוּ נֶגְדּוֹ וְהַחוּט
יג הַמְשֻׁלָּשׁ לֹא בִמְהֵרָה יִנָּתֵק׃ טוֹב יֶלֶד מִסְכֵּן וְחָכָם מִמֶּלֶךְ
יד זָקֵן וּכְסִיל אֲשֶׁר לֹא־יָדַע לְהִזָּהֵר עוֹד׃ כִּי־מִבֵּית הָסוּרִים
טו יָצָא לִמְלֹךְ כִּי גַּם בְּמַלְכוּתוֹ נוֹלַד רָשׁ׃ רָאִיתִי אֶת־כָּל־
הַחַיִּים הַמְהַלְּכִים תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ עִם הַיֶּלֶד הַשֵּׁנִי אֲשֶׁר
טז יַעֲמֹד תַּחְתָּיו׃ אֵין־קֵץ לְכָל־הָעָם לְכֹל אֲשֶׁר־הָיָה לִפְנֵיהֶם
גַּם הָאַחֲרוֹנִים לֹא יִשְׂמְחוּ־בוֹ כִּי־גַם־זֶה הֶבֶל וְרַעְיוֹן רוּחַ׃
יז שְׁמֹר רַגְלְךָ כַּאֲשֶׁר תֵּלֵךְ אֶל־בֵּית הָאֱלֹהִים וְקָרוֹב לִשְׁמֹעַ
מִתֵּת הַכְּסִילִים זָבַח כִּי־אֵינָם יוֹדְעִים לַעֲשׂוֹת רָע׃

ה

א אַל־תְּבַהֵל עַל־פִּיךָ וְלִבְּךָ אַל־יְמַהֵר לְהוֹצִיא דָבָר לִפְנֵי
הָאֱלֹהִים כִּי הָאֱלֹהִים בַּשָּׁמַיִם וְאַתָּה עַל־הָאָרֶץ עַל־כֵּן
ב יִהְיוּ דְבָרֶיךָ מְעַטִּים׃ כִּי בָּא הַחֲלוֹם בְּרֹב עִנְיָן וְקוֹל כְּסִיל
ג בְּרֹב דְּבָרִים׃ כַּאֲשֶׁר תִּדֹּר נֶדֶר לֵאלֹהִים אַל־תְּאַחֵר לְשַׁלְּמוֹ
ד כִּי אֵין חֵפֶץ בַּכְּסִילִים אֵת אֲשֶׁר־תִּדֹּר שַׁלֵּם׃ טוֹב אֲשֶׁר
ה לֹא־תִדֹּר מִשֶּׁתִּדּוֹר וְלֹא תְשַׁלֵּם׃ אַל־תִּתֵּן אֶת־פִּיךָ לַחֲטִיא
אֶת־בְּשָׂרֶךָ וְאַל־תֹּאמַר לִפְנֵי הַמַּלְאָךְ כִּי שְׁגָגָה הִיא לָמָּה
ו יִקְצֹף הָאֱלֹהִים עַל־קוֹלֶךָ וְחִבֵּל אֶת־מַעֲשֵׂה יָדֶיךָ׃ כִּי בְרֹב
חֲלֹמוֹת וַהֲבָלִים וּדְבָרִים הַרְבֵּה כִּי אֶת־הָאֱלֹהִים יְרָא׃
ז אִם־עֹשֶׁק רָשׁ וְגֵזֶל מִשְׁפָּט וָצֶדֶק תִּרְאֶה בַמְּדִינָה אַל־
תִּתְמַהּ עַל־הַחֵפֶץ כִּי גָבֹהַּ מֵעַל גָּבֹהַּ שֹׁמֵר וּגְבֹהִים עֲלֵיהֶם׃
ח ט וְיִתְרוֹן אֶרֶץ בַּכֹּל הִיא מֶלֶךְ לְשָׂדֶה נֶעֱבָד׃ אֹהֵב כֶּסֶף לֹא־
יִשְׂבַּע כֶּסֶף וּמִי־אֹהֵב בֶּהָמוֹן לֹא תְבוּאָה גַּם־זֶה הָבֶל׃
י בִּרְבוֹת הַטּוֹבָה רַבּוּ אוֹכְלֶיהָ וּמַה־כִּשְׁרוֹן לִבְעָלֶיהָ כִּי
יא אִם־רְאִית עֵינָיו׃ מְתוּקָה שְׁנַת הָעֹבֵד אִם־מְעַט וְאִם־
יב הַרְבֵּה יֹאכֵל וְהַשָּׂבָע לֶעָשִׁיר אֵינֶנּוּ מַנִּיחַ לוֹ לִישׁוֹן׃ יֵשׁ

ד, יז׳ יתיר י׳   ה, ח׳ הוא קרי   ס״א מֶלֶךְ לשָׂדֶה   ס״מ נֶעֱבָד
י׳ ראות קרי

3 אַז דו ביסט מנדר אַ נדר צו גאָט, זאָלסטו זיך ניט שפּעטיקן אים צו באַצאָלן, וואָרום ער האָט ניט ליב נאַרן; וואָס דו ביסט מנדר, באַצאָל. 4 בעסער זאָלסט ניט מנדר זיין, איידער זאָלסט מנדר זיין און ניט באַצאָלן. 5 זאָלסט ניט דערלאָזן דיין מויל צו פאַרזינדיקן דיין לייב, און זאָלסט ניט זאָגן פאַר דעם שליח (פון גאָט), אַז דאָס איז געווען אַ פאַר־זע. נאָך וואָס זאָל גאָט צערענען אויף דיין קול, און צעשטערן דאָס ווערק פון דיינע הענט? 6 וואָרום פון פיל חלומות און נאַרישקייטן קומען אַרויס פיל צוזאָגן, אָבער האָב מורא פאַר גאָט.

7 אַז דו זעסט די דריקונג פון דעם אָרימאַן, און די באַרויבונג פון רעכט און גערעכטיקייט אין דער מדינה, זאָלסטו זיך ניט וונדערן אויף דער זאַך, וואָרום איבער דעם הויכן גיט אַכטונג אַ העכערער, און נאָך העכערע איבער זיי. 8 און אַ מעלה פון אַ לאַנד אין אַלעם, איז אַ מלך איבערגעגעבן צו פעלד.

9 דער וואָס האָט ליב געלט קען זיך ניט אָנזעטן מיט געלט, און ניט ווער עס האָט ליב רייכטום–מיטן אייַנקום. דאָס אויך איז נישטיקייט. 10 אַז דאָס גוטס מערט זיך, מערן זיך זיינע עסערס; און וואָס קומט אַרויס דעם אייגנטימער, אַחוץ דאָס אָנקוקן מיט זיינע אויגן? 11 זיס איז דער שלאָף פון דעם וואָס אַרבעט, סיי ער עסט ווייניק, סיי פיל, אָבער די זעט פון דעם עושר לאָזט אים ניט שלאָפן.

12 פאַראַן אַ פאַרדראָסיקער ווייטאָק וואָס איך האָב געזען אונטער דער זון: אַן עשירות וואָס ווערט געהיט

רָעָה חוֹלָה רָאִיתִי תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ עֹשֶׁר שָׁמוּר לִבְעָלָיו
לְרָעָתוֹ׃ וְאָבַד הָעֹשֶׁר הַהוּא בְּעִנְיַן רָע וְהוֹלִיד בֵּן וְאֵין יג
בְּיָדוֹ מְאוּמָה׃ כַּאֲשֶׁר יָצָא מִבֶּטֶן אִמּוֹ עָרוֹם יָשׁוּב לָלֶכֶת יד
כְּשֶׁבָּא וּמְאוּמָה לֹא־יִשָּׂא בַעֲמָלוֹ שֶׁיֹּלֵךְ בְּיָדוֹ׃ וְגַם־זֹה טו
רָעָה חוֹלָה כָּל־עֻמַּת שֶׁבָּא כֵּן יֵלֵךְ וּמַה־יִּתְרוֹן לוֹ שֶׁיַּעֲמֹל
לָרוּחַ׃ גַּם כָּל־יָמָיו בַּחֹשֶׁךְ יֹאכֵל וְכָעַס הַרְבֵּה וְחָלְיוֹ טז
וָקָצֶף׃ הִנֵּה אֲשֶׁר־רָאִיתִי אָנִי טוֹב אֲשֶׁר־יָפֶה לֶאֱכוֹל יז
וְלִשְׁתּוֹת וְלִרְאוֹת טוֹבָה בְּכָל־עֲמָלוֹ ׀ שֶׁיַּעֲמֹל תַּחַת־הַשֶּׁמֶשׁ
מִסְפַּר יְמֵי־חַיָּו אֲשֶׁר־נָתַן־לוֹ הָאֱלֹהִים כִּי־הוּא חֶלְקוֹ׃
גַּם כָּל־הָאָדָם אֲשֶׁר נָתַן־לוֹ הָאֱלֹהִים עֹשֶׁר וּנְכָסִים יח
וְהִשְׁלִיטוֹ לֶאֱכֹל מִמֶּנּוּ וְלָשֵׂאת אֶת־חֶלְקוֹ וְלִשְׂמֹחַ בַּעֲמָלוֹ
זֹה מַתַּת אֱלֹהִים הִיא׃ כִּי לֹא הַרְבֵּה יִזְכֹּר אֶת־יְמֵי חַיָּיו יט
כִּי הָאֱלֹהִים מַעֲנֶה בְּשִׂמְחַת לִבּוֹ׃

ו

יֵשׁ רָעָה אֲשֶׁר רָאִיתִי תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ וְרַבָּה הִיא עַל־הָאָדָם׃ א
אִישׁ אֲשֶׁר יִתֶּן־לוֹ הָאֱלֹהִים עֹשֶׁר וּנְכָסִים וְכָבוֹד וְאֵינֶנּוּ ב
חָסֵר לְנַפְשׁוֹ ׀ מִכֹּל אֲשֶׁר־יִתְאַוֶּה וְלֹא־יַשְׁלִיטֶנּוּ הָאֱלֹהִים
לֶאֱכֹל מִמֶּנּוּ כִּי אִישׁ נָכְרִי יֹאכְלֶנּוּ זֶה הֶבֶל וָחֳלִי רָע הוּא׃
אִם־יוֹלִיד אִישׁ מֵאָה וְשָׁנִים רַבּוֹת יִחְיֶה וְרַב ׀ שֶׁיִּהְיוּ ג
יְמֵי־שָׁנָיו וְנַפְשׁוֹ לֹא־תִשְׂבַּע מִן־הַטּוֹבָה וְגַם־קְבוּרָה לֹא־
הָיְתָה לּוֹ אָמַרְתִּי טוֹב מִמֶּנּוּ הַנָּפֶל׃ כִּי־בַהֶבֶל בָּא וּבַחֹשֶׁךְ ד
יֵלֵךְ וּבַחֹשֶׁךְ שְׁמוֹ יְכֻסֶּה׃ גַּם־שֶׁמֶשׁ לֹא־רָאָה וְלֹא יָדָע ה
נַחַת לָזֶה מִזֶּה׃ וְאִלּוּ חָיָה אֶלֶף שָׁנִים פַּעֲמַיִם וְטוֹבָה ו
לֹא רָאָה הֲלֹא אֶל־מָקוֹם אֶחָד הַכֹּל הוֹלֵךְ׃ כָּל־עֲמַל הָאָדָם ז
לְפִיהוּ וְגַם־הַנֶּפֶשׁ לֹא תִמָּלֵא׃ כִּי מַה־יּוֹתֵר לֶחָכָם מִן־ ח
הַכְּסִיל מַה־לֶּעָנִי יוֹדֵעַ לַהֲלֹךְ נֶגֶד הַחַיִּים׃ טוֹב מַרְאֵה ט
עֵינַיִם מֵהֲלָךְ־נָפֶשׁ גַּם־זֶה הֶבֶל וּרְעוּת רוּחַ׃ מַה־שֶּׁהָיָה י

ה, יז׳ חייו קרי ו, י׳ חצי הספר בפסוקים

פון דעם אייגנטימער אים צום בייזן. 13 און די עשירות ווערט פאַרלאָרן אין אַ שלעכטן עסק; און אַז ער האָט אַ זון, בלייבט גאָרנישט אין זיין האַנט. 14 אַזוי ווי ער איז אַרויס פון זיין מוטערלייב, גייט ער נאַקעט צוריק, אַזוי ווי ער איז געקומען, און קיין זאַך נעמט ער ניט מיט פאַר זיין מי, כדי ער זאָל עס אַוועקטראָגן אין זיין האַנט. 15 יאָ, דאָס אויך איז אַ פאַרדראָסיקער ווייטאָק, וואָס גענוי ווי ער איז געקומען, אַזוי גייט ער אַוועק; און וואָס קומט אים אַרויס וואָס ער מיט זיך פאַרן ווינט? 16 דערצו פאַרצערט ער אַלע זיינע טעג אין פינצטערניש, און ערגערט זיך אַ סך, און האָט קרענקעניש און פאַרדראָס.

17 אַט וואָס איך האָב אײַנגעזען: בעסער און שענער וואָלט געווען צו עסן און טרינקען, און האָבן ווילטאָג פאַר זיין גאַנצער מי וואָס ער מיט זיך אונטער דער זון אין די געציילטע טעג פון זיין לעבן וואָס גאָט האָט אים געשאָנקען; וואָרום דאָס איז זיין חלק. 18 און איטלעכער מענטש וואָס גאָט שענקט אים עשירות און גיטער, און גיט אים שליטה צו עסן דערפון, און צו נעמען זיין חלק, און זיך וויל צו טאָן פאַר זיין מי, איז דאָס אַ מתּנה פון גאָט. 19 יאָ, ער דאַרף געדענקען אַז די טעג פון זיין לעבן זיינען ניט פיל– ווען גאָט באַווערט אים נאָך די פרייד פון זיין האַרצן.

ו 1 פאַראַן אַן אומגליק וואָס איך האָב געזען אונטער דער זון, און עס איז זייער אָפט ביים מענטשן: 2 אַ מענטש וואָס גאָט שענקט אים עשירות און גיטער און כבוד, און אים גייט ניט אָפּ פאַר זיך קיין זאַך פון אַלץ וואָס ער געלוסט, אָבער גאָט האָט אים ניט געגעבן קיין שליטה צו עסן דערפון, נאָר אַ פרעמדער מענטש עסט עס. דאָס איז נישטיקייט, און אַ פאַרדראָסיקער ווייטאָק. 3 אַז אַ מענטש זאָל האָבן הונדערט קינדער, און לעבן אַ סך יאָרן, איז, וויפיל די טעג פון זיינע יאָרן זאָלן זיין, אויב זיין זעל זעטיקט זיך ניט פון דעם גוטס, און צומאָל קיין קבורה האָט ער ניט, זאָג איך: בעסער פון אים איז דעם מפּיל־קינד. 4 וואָרום אין נישטיקייט קומט עס, און אין פינצטערניש פאַרגייט עס, און אין פינצטערניש ווערט צוגעדעקט זיין נאָמען. 5 עס האָט צומאָל די זון ניט געזען און ניט געקענט; עס האָט מער נחת ווי יענער. 6 און ווען ער זאָל לעבן צוויי מאָל טויזנט יאָר, און ניט אָנזען קיין גוטס, גייען דען ניט אַלע אין איין אָרט?

7 די גאַנצע מי פון מענטשן איז פאַר זיין מויל,
און פונדעסטוועגן ווערט די זעל ניט אָנגעפילט.

8 וואָרום וואָס איז די מעלה פון דעם חכם איבער דעם נאַרן? וואָס, פון דעם אָרימאַן וואָס פאַרשטייט?–ווי אומצוגיין מיטן לעבן. 9 בעסער זעאונג פון די אויגן, איידער וואַנדערניש פון דער זעל. דאָס אויך איז נישטיקייט און ווינטיאָגעניש.
10 וואָס געשעט איז לאַנג צוריק אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען, און עס איז באַוווסט פאַרויס וואָס דער

מענטש איז; און ער קען זיך ניט האַמפּערן מיט דעם וואָס איז שטאַרקער פון אים. 11 אויב פיל ווערטער מערן אָפּט נישטיקייט, וואָס איז די מעלה מיטן מענטשן? 12 וואָרום ווער ווייס וואָס איז בעסער פאַרן מענטשן אין לעבן, אין די געציילטע טעג פון זיין נישטיקן לעבן וואָס ער מאַכט דורך ווי אַ שאָטן? ווייל ווער קען זאָגן דעם מענטשן, וואָס וועט זיין נאָך אים אונטער דער זון?

ז 1 אַ גוטער נאָמען[א] איז בעסער פון גוטן אייל;
און דער טאָג פון טויט, פון דעם טאָג וואָס מע ווערט געבאָרן.
2 בעסער צו גיין אין הויז פון טרויער,
איידער צו גיין אין הויז פון אַ סעודה;
ווייל דאָס איז דער סוף פון יעטוועדער מענטשן,
און דער לעבעדיקער דאַרף זיך נעמען צום האַרצן.
3 בעסער קומער איידער געלעכטער,
וואָרום אַז דער פּנים איז טרויעריק, איז בעסער פאַרן האַרצן.
4 דאָס האַרץ פון די קלוגע איז אין הויז פון טרויער,
און דאָס האַרץ פון די נאַרן אין הויז פון פרייד.
5 בעסער צו הערן דעם אָנגעשריי פון אַ קלוגן,
איידער מע זאָל הערן דאָס לויבגעזאַנג פון נאַרן.
6 וואָרום אַזוי ווי דאָס קנאַקן פון דערנער אונטערן טאָפּ[ב],
אַזוי איז דאָס געלעכטער פון דעם נאַרן.
און דאָס אויך איז נישטיקייט.
7 פאַרוואָר, רויב צעדולט דעם חכם,
און שוחד פירט איבער דאָס האַרץ.
8 בעסער דער סוף פון אַ זאַך איידער איר אָנהייב;
בעסער איינגעהאַלטן אין געמיט, איידער האָפערדיק אין געמיט.
9 זאָלסט ניט זיין האַסטיק אין דיין געמיט צו ווערן אין כעס,
וואָרום כעס רוט אין בוזעם פון די נאַרן.

10 זאָלסט ניט זאָגן: ווי איז דאָס, וואָס די פריערדיקע טעג זיינען געווען בעסער ווי די איצטיקע? וואָרום ניט פון חכמה פרעגסטו וועגן דעם.

11 גוט איז חכמה מיט אַ נחלה,
און אַ מעלה פאַר די וואָס זעען די זון.

12 וואָרום חכמה איז אַ באַשירעמונג, געלט איז אַ באַשירעמונג, אָבער די מעלה פון קענשאַפט איז, וואָס חכמה האַלט אויף דאָס לעבן פון דעם וואָס האָט זי.

13 קוק אָן דאָס ווערק פון גאָט; וואָרום ווער קען אויסגלייכן וואָס ער האָט געמאַכט קרום? 14 אין טאָג פון גליק זיי גליקלעך, און אין טאָג פון אומגליק קוק זיך אַרום—דאָס אויך אַזוי ווי יענס האָט גאָט געמאַכט—וואָרום דער מענטש וועט דערנאָך גאָרנישט שפירן.

15 אַלץ האָב איך געזען אין מיינע נישטיקע טעג: פאַראַן אַ צדיק וואָס גייט אונטער אין זיין צידקות, און פאַראַן אַ רשע וואָס איז מאַריך־יָמים אין זיין שלעכטיקייט. 16 זאָלסט ניט זיין צו פיל צדיק, און זאָלסט זיך ניט קליגן איבעריקס; נאָך וואָס זאָלסטו זיך אומברענגען? 17 זאָלסט ניט זיין צו שלעכט, און זאָלסט ניט זיין קיין נאַר; נאָך וואָס זאָלסטו שטאַרבן פאַר דער צייט? 18 גוט איז דו זאָלסט זיך האַלטן אָן דעם, און אויך פון יענעם ניט אָפּלאָזן דיין האַנט; וואָרום דער וואָס האָט מורא פאַר גאָט, קומט דורך מיט ביידע.

כְּבָר נִקְרָא שְׁמוֹ וְנוֹדָע אֲשֶׁר־הוּא אָדָם וְלֹא־יוּכַל לָדִין
יא עִם שֶׁהתַּקִּיף מִמֶּנּוּ: כִּי יֵשׁ־דְּבָרִים הַרְבֵּה מַרְבִּים הָבֶל
יב מַה־יֹּתֵר לָאָדָם: כִּי מִי־יוֹדֵעַ מַה־טּוֹב לָאָדָם בַּחַיִּים
מִסְפַּר יְמֵי־חַיֵּי הֶבְלוֹ וְיַעֲשֵׂם כַּצֵּל אֲשֶׁר מִי־יַגִּיד לָאָדָם
מַה־יִּהְיֶה אַחֲרָיו תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ:

ז

א ב טוֹב שֵׁם מִשֶּׁמֶן טוֹב וְיוֹם הַמָּוֶת מִיּוֹם הִוָּלְדוֹ: טוֹב
לָלֶכֶת אֶל־בֵּית־אֵבֶל מִלֶּכֶת אֶל־בֵּית מִשְׁתֶּה בַּאֲשֶׁר הוּא
ג סוֹף כָּל־הָאָדָם וְהַחַי יִתֵּן אֶל־לִבּוֹ: טוֹב כַּעַס מִשְּׂחֹק
ד כִּי־בְרֹעַ פָּנִים יִיטַב לֵב: לֵב חֲכָמִים בְּבֵית אֵבֶל וְלֵב
ה כְּסִילִים בְּבֵית שִׂמְחָה: טוֹב לִשְׁמֹעַ גַּעֲרַת חָכָם מֵאִישׁ
ו שֹׁמֵעַ שִׁיר כְּסִילִים: כִּי כְקוֹל הַסִּירִים תַּחַת הַסִּיר כֵּן
ז שְׂחֹק הַכְּסִיל וְגַם־זֶה הָבֶל: כִּי הָעֹשֶׁק יְהוֹלֵל חָכָם
ח וִיאַבֵּד אֶת־לֵב מַתָּנָה: טוֹב אַחֲרִית דָּבָר מֵרֵאשִׁיתוֹ טוֹב
ט אֶרֶךְ־רוּחַ מִגְּבַהּ רוּחַ: אַל־תְּבַהֵל בְּרוּחֲךָ לִכְעוֹס כִּי
י כַעַס בְּחֵיק כְּסִילִים יָנוּחַ: אַל־תֹּאמַר מֶה הָיָה שֶׁהַיָּמִים
הָרִאשֹׁנִים הָיוּ טוֹבִים מֵאֵלֶּה כִּי לֹא מֵחָכְמָה שָׁאַלְתָּ עַל־
יא יב זֶה: טוֹבָה חָכְמָה עִם־נַחֲלָה וְיֹתֵר לְרֹאֵי הַשָּׁמֶשׁ: כִּי
בְּצֵל הַחָכְמָה בְּצֵל הַכָּסֶף וְיִתְרוֹן דַּעַת הַחָכְמָה תְּחַיֶּה
יג בְעָלֶיהָ: רְאֵה אֶת־מַעֲשֵׂה הָאֱלֹהִים כִּי מִי יוּכַל לְתַקֵּן
יד אֵת אֲשֶׁר עִוְּתוֹ: בְּיוֹם טוֹבָה הֱיֵה בְטוֹב וּבְיוֹם רָעָה רְאֵה
גַּם אֶת־זֶה לְעֻמַּת־זֶה עָשָׂה הָאֱלֹהִים עַל־דִּבְרַת שֶׁלֹּא
טו יִמְצָא הָאָדָם אַחֲרָיו מְאוּמָה: אֶת־הַכֹּל רָאִיתִי בִּימֵי
הֶבְלִי יֵשׁ צַדִּיק אֹבֵד בְּצִדְקוֹ וְיֵשׁ רָשָׁע מַאֲרִיךְ בְּרָעָתוֹ:
טז אַל־תְּהִי צַדִּיק הַרְבֵּה וְאַל־תִּתְחַכַּם יוֹתֵר לָמָּה תִּשּׁוֹמֵם:
יז אַל־תִּרְשַׁע הַרְבֵּה וְאַל־תְּהִי סָכָל לָמָּה תָמוּת בְּלֹא עִתֶּךָ:
יח טוֹב אֲשֶׁר תֶּאֱחֹז בָּזֶה וְגַם־מִזֶּה אַל־תַּנַּח אֶת־יָדֶךָ כִּי־יְרֵא

ו, י׳ יתרה ז, א׳ טוב׳ ז׳ בס״א ויאבד את־לב

[א] וואָרטשפּיל: שֵׁם מִשֶּׁמֶן. [ב] וואָרטשפּיל: קוֹל הַסִּירִים תַּחַת הַסִּיר.

אֱלֹהִים יֵצֵא אֶת־כֻּלָּם׃ הַחָכְמָה תָּעֹז לֶחָכָם מֵעֲשָׂרָה יט
שַׁלִּיטִים אֲשֶׁר הָיוּ בָּעִיר׃ כִּי אָדָם אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ אֲשֶׁר כ
יַעֲשֶׂה־טּוֹב וְלֹא יֶחֱטָא׃ גַּם לְכָל־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר יְדַבֵּרוּ כא
אַל־תִּתֵּן לִבֶּךָ אֲשֶׁר לֹא־תִשְׁמַע אֶת־עַבְדְּךָ מְקַלְלֶךָ׃ כִּי כב
גַּם־פְּעָמִים רַבּוֹת יָדַע לִבֶּךָ אֲשֶׁר גַּם־אַתָּ קִלַּלְתָּ אֲחֵרִים׃
כָּל־זֹה נִסִּיתִי בַחָכְמָה אָמַרְתִּי אֶחְכָּמָה וְהִיא רְחוֹקָה כג
מִמֶּנִּי׃ רָחוֹק מַה־שֶּׁהָיָה וְעָמֹק ׀ עָמֹק מִי יִמְצָאֶנּוּ׃ סַבּוֹתִי כד כה
אֲנִי וְלִבִּי לָדַעַת וְלָתוּר וּבַקֵּשׁ חָכְמָה וְחֶשְׁבּוֹן וְלָדַעַת
רֶשַׁע כֶּסֶל וְהַסִּכְלוּת הוֹלֵלוֹת׃ וּמוֹצֶא אֲנִי מַר מִמָּוֶת כו
אֶת־הָאִשָּׁה אֲשֶׁר־הִיא מְצוֹדִים וַחֲרָמִים לִבָּהּ אֲסוּרִים
יָדֶיהָ טוֹב לִפְנֵי הָאֱלֹהִים יִמָּלֵט מִמֶּנָּה וְחוֹטֵא יִלָּכֶד בָּהּ׃
רְאֵה זֶה מָצָאתִי אָמְרָה קֹהֶלֶת אַחַת לְאַחַת לִמְצֹא כז
חֶשְׁבּוֹן׃ אֲשֶׁר עוֹד־בִּקְשָׁה נַפְשִׁי וְלֹא מָצָאתִי אָדָם אֶחָד כח
מֵאֶלֶף מָצָאתִי וְאִשָּׁה בְכָל־אֵלֶּה לֹא מָצָאתִי׃ לְבַד רְאֵה־ כט
זֶה מָצָאתִי אֲשֶׁר עָשָׂה הָאֱלֹהִים אֶת־הָאָדָם יָשָׁר וְהֵמָּה
בִקְשׁוּ חִשְּׁבֹנוֹת רַבִּים׃

## ח

מִי כְּהֶחָכָם וּמִי יוֹדֵעַ פֵּשֶׁר דָּבָר חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו א
וְעֹז פָּנָיו יְשֻׁנֶּא׃ אֲנִי פִּי־מֶלֶךְ שְׁמֹר וְעַל דִּבְרַת שְׁבוּעַת ב
אֱלֹהִים׃ אַל־תִּבָּהֵל מִפָּנָיו תֵּלֵךְ אַל־תַּעֲמֹד בְּדָבָר רָע ג
כִּי כָּל־אֲשֶׁר יַחְפֹּץ יַעֲשֶׂה׃ בַּאֲשֶׁר דְּבַר־מֶלֶךְ שִׁלְטוֹן וּמִי ד
יֹאמַר־לוֹ מַה־תַּעֲשֶׂה׃ שׁוֹמֵר מִצְוָה לֹא יֵדַע דָּבָר רָע וְעֵת ה
וּמִשְׁפָּט יֵדַע לֵב חָכָם׃ כִּי לְכָל־חֵפֶץ יֵשׁ עֵת וּמִשְׁפָּט ו
כִּי־רָעַת הָאָדָם רַבָּה עָלָיו׃ כִּי־אֵינֶנּוּ יֹדֵעַ מַה־שֶּׁיִּהְיֶה כִּי ז
כַּאֲשֶׁר יִהְיֶה מִי יַגִּיד לוֹ׃ אֵין אָדָם שַׁלִּיט בָּרוּחַ לִכְלוֹא ח
אֶת־הָרוּחַ וְאֵין שִׁלְטוֹן בְּיוֹם הַמָּוֶת וְאֵין מִשְׁלַחַת
בַּמִּלְחָמָה וְלֹא־יְמַלֵּט רֶשַׁע אֶת־בְּעָלָיו׃ אֶת־כָּל־זֶה רָאִיתִי ט

ז, כב׳ אתה קרי   כו׳ כצל   כז׳ סגול באתנח   ח, א׳ א׳ במקום ה׳

[19] די חכמה באַשיצט דעם חכם מער ווי צען געוועלטיקער וואָס זיינען אין שטאָט. [20] וואָרום ניטאָ אַ מענטש אַ צדיק אויף דער ערד וואָס זאָל טאָן [לויטער] גוטס, און ניט זינדיקן.

[21] זאָלסט אויך ניט לייגן דיין האַרץ אויף אַלע ווערטער וואָס מע רעדט, כּדי זאָלסט ניט הערן ווי דיין קנעכט שילט דיך; [22] וואָרום דיין האַרץ ווייס אַז פיל מאָל האָסט דו אויך געשאָלטן אַנדערע.

[23] דאָס אַלץ האָב איך אויסגעפּרוּווט מיט חכמה; איך האָב געזאָגט: איך וועל קלוג ווערן; אָבער עס איז געווען ווייט פון מיר. [24] דאָס וואָס איז ווייט און טיף־טיף, ווער קען עס אויסגעפינען? [25] איך האָב מיך אַרומגעדרייט, און מיין האַרץ איז געווען אויף צו פאַרשטיין און צו פאָרשן און זוכן חכמה און אַ חשבון, און צו דערקענען אַז שלעכטיקייט איז טיפּשות, און נאַרישקייט איז משוגעת. [26] און איך געפין אַז ביטערער פון טויט איז די פרוי, וואָס איר האַרץ איז פאַסטקעס און נעצן, אירע הענט זיינען בינדשטריק. דער וואָס איז ווילגעפעלן פאַר גאָט, ווערט אַנטרונען פון איר, און דער זינדיקער ווערט געפאַנגען פון איר. [27] זע, דאָס האָב איך אויסגעפונען, זאָגט קהלת, ווען איך האָב צוגעלייגט איינס צום אַנדערן, כּדי צו געפינען דעם חשבון. [28] וואָס מיין זעל זוכט נאָכאַנאַנד, און איך געפין ניט: איין מאַן צווישן טויזנט האָב איך געפונען, אָבער אַ פרוי צווישן די אַלע האָב איך ניט געפונען. [29] זע, דאָס אַליין האָב איך אויסגעפונען, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן גלייך, אָבער זיי האָבן געזוכט פיל אויסטראַכטענישן.

ח [1] ווער איז ווי דער חכם?
און ווער ווייס דעם באַשייד פון אַ זאַך?
אַ מענטשנס חכמה באַלייכט זיין פּנים,
און די פאַרשייטקייט פון זיין פּנים ווערט פאַרביטן.

[2] איך זאָג: היט דעם מלכּס באַפעל פון וועגן דער שבועה צו גאָט. [3] זאָלסט ניט אַוועקגיין איבעראַיילט פון זיין פּנים; זאָלסט ניט צושטיין צו אַ שלעכטער זאַך, וואָרום אַלץ וואָס ער וויל, טוט ער. [4] מחמת דאָס וואָרט פון דעם מלך איז געוועלטיקונג; און ווער קען אים זאָגן: וואָס טוסטו?

[5] דער וואָס וויל ניט וויסן פון קיין בייז נעשעעניש, היט דאָס געבאָט,
און דעם קלוגנס האַרץ ווייס [אַז פאַראַן] אַ צייט און אַ משפט.

[6] וואָרום פאַר יעטוועדער זאַך איז דאָ אַ צייט און אַ משפט, ווייל דאָס בייז פון דעם מענטשן איז גרויס אויף אים. [7] וואָרום ער ווייס ניט וואָס וועט געשען; וואָרום ווען עס וועט געשען, ווער וועט עס אים זאָגן? [8] קיין מענטש געוועלטיקט ניט איבערן ווינט, צו קענען איינהאַלטן דעם ווינט, און ניטאָ קיין געוועלטיקונג אין טאָג פון טויט, און ניטאָ קיין אורלויב אין מלחמה, און דאָס בייז וועט ניט ראַטעווען זיין טוער. [9] דאָס אַלץ האָב איך געזען, און האָב מיר אַריינגעגעבן אין

הארצן ווען יעטוועדער טואונג וואָס ווערט געטאָן אונטער דער זון, בעת איין מענטש געוועלטיקט איבערן אַנדערן אים שלעכטס צו טאָן.

[10] און אַזוי האָב איך געזען אַז רשעים זיינען באַגראָבן געוואָרן, און זיינען געקומען [צו זייער רו], און די וואָס האָבן געטאָן רעכט זיינען אַוועק פון דעם הייליקן אָרט, און זיינען פאַרגעסן געוואָרן אין שטאָט. דאָס אויך איז נישטיקייט. [11] ווייל דער פסק פאַר די שלעכטע מעשׂים ווערט ניט געטאָן אויף גיך, דרום דערוועגט זיך דאָס האַרץ פון די מענטשנקינדער אין זיי צו טאָן שלעכטס; [12] וואָרום אַ זינדיקער טוט הונדערט מאָל שלעכטס, און מע פאַרלענגערט אים. אָבער איך ווייס פאָרט אַז די וואָס האָבן מורא פאַר גאָט וועט זיין גוט, ווייל זיי האָבן מורא פאַר אים; [13] און דעם רשע וועט זיין ניט גוט, און אַזוי ווי אַ שאָטן וועט ער ניט מַאֲריך־יָמים זיין, ווייל ער האָט ניט מורא פאַר גאָט. [14] פאַראַן אַ נישטיקייט וואָס געשעט אויף דער ערד: וואָס עס זיינען פאַראַן צדיקים וואָס זיי גייט ווערליק די מעשׂים פון די רשעים, און פאַראַן רשעים וואָס זיי גייט ווערליק די מעשׂים פון די צדיקים. האָב איך געזאָגט: דאָס אויך איז נישטיקייט. [15] און איך האָב געלויבט די פרייד, וואָרום ניטאָ בעסערס פאַרן מענטשן אונטער דער זון, ווי צו עסן און טרינקען און זיין פריילעך, און אַז דאָס זאָל אים באַלייטן אין זיין מי, דורך די טעג פון זיין לעבן וואָס גאָט האָט אים געשאָנקען אונטער דער זון.

[16] אַזוי ווי איך האָב אָפּגעגעבן מיין האַרץ צו קענען חכמה, און צו זען די טועניש וואָס ווערט געטאָן אויף דער ערד–וואָרום סיי בײַ טאָג סיי בײַ נאַכט זעט [דער מענטש] ניט אָן קיין שלאָף אין זיינע אויגן–[17] האָב איך געזען אין אַלע מעשׂים פון גאָט, אַז דער מענטש קען ניט אויסגעפינען די מעשׂים וואָס ווערן געטאָן אונטער דער זון; וואָרום ווי דער מענטש זאָל זיך מיען צו זוכן, וועט ער עס ניט געפינען; און אַפילו אַז דער חכם זאָגט, ער ווייס עס, קען ער עס ניט אויסגעפינען.

וְנָתוֹן אֶת־לִבִּי לְכָל־מַעֲשֶׂה אֲשֶׁר נַעֲשָׂה תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ עֵת
י אֲשֶׁר שָׁלַט הָאָדָם בְּאָדָם לְרַע לוֹ׃ וּבְכֵן רָאִיתִי רְשָׁעִים
קְבֻרִים וָבָאוּ וּמִמְּקוֹם קָדוֹשׁ יְהַלֵּכוּ וְיִשְׁתַּכְּחוּ בָעִיר אֲשֶׁר
יא כֵּן־עָשׂוּ גַּם־זֶה הָבֶל׃ אֲשֶׁר אֵין־נַעֲשָׂה פִתְגָם מַעֲשֵׂה
הָרָעָה מְהֵרָה עַל־כֵּן מָלֵא לֵב בְּנֵי־הָאָדָם בָּהֶם לַעֲשׂוֹת
יב רָע׃ אֲשֶׁר חֹטֶא עֹשֶׂה רָע מְאַת וּמַאֲרִיךְ לוֹ כִּי גַּם־יוֹדֵעַ
אָנִי אֲשֶׁר יִהְיֶה־טּוֹב לְיִרְאֵי הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר יִירְאוּ מִלְּפָנָיו׃
יג וְטוֹב לֹא־יִהְיֶה לָרָשָׁע וְלֹא־יַאֲרִיךְ יָמִים כַּצֵּל אֲשֶׁר אֵינֶנּוּ
יד יָרֵא מִלִּפְנֵי אֱלֹהִים׃ יֶשׁ־הֶבֶל אֲשֶׁר נַעֲשָׂה עַל־הָאָרֶץ
אֲשֶׁר ׀ יֵשׁ צַדִּיקִים אֲשֶׁר מַגִּיעַ אֲלֵהֶם כְּמַעֲשֵׂה הָרְשָׁעִים
וְיֵשׁ רְשָׁעִים שֶׁמַּגִּיעַ אֲלֵהֶם כְּמַעֲשֵׂה הַצַּדִּיקִים אָמַרְתִּי
טו שֶׁגַּם־זֶה הָבֶל׃ וְשִׁבַּחְתִּי אֲנִי אֶת־הַשִּׂמְחָה אֲשֶׁר אֵין־
טוֹב לָאָדָם תַּחַת הַשֶּׁמֶשׁ כִּי אִם־לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמוֹחַ
וְהוּא יִלְוֶנּוּ בַעֲמָלוֹ יְמֵי חַיָּיו אֲשֶׁר־נָתַן־לוֹ הָאֱלֹהִים תַּחַת
טז הַשָּׁמֶשׁ׃ כַּאֲשֶׁר נָתַתִּי אֶת־לִבִּי לָדַעַת חָכְמָה וְלִרְאוֹת
אֶת־הָעִנְיָן אֲשֶׁר נַעֲשָׂה עַל־הָאָרֶץ כִּי גַם בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה
יז שֵׁנָה בְּעֵינָיו אֵינֶנּוּ רֹאֶה׃ וְרָאִיתִי אֶת־כָּל־מַעֲשֵׂה הָאֱלֹהִים
כִּי לֹא יוּכַל הָאָדָם לִמְצוֹא אֶת־הַמַּעֲשֶׂה אֲשֶׁר נַעֲשָׂה
תַחַת־הַשֶּׁמֶשׁ בְּשֶׁל אֲשֶׁר יַעֲמֹל הָאָדָם לְבַקֵּשׁ וְלֹא יִמְצָא
וְגַם אִם־יֹאמַר הֶחָכָם לָדַעַת לֹא יוּכַל לִמְצֹא׃

ט

א כִּי אֶת־כָּל־זֶה נָתַתִּי אֶל־לִבִּי וְלָבוּר אֶת־כָּל־זֶה אֲשֶׁר
הַצַּדִּיקִים וְהַחֲכָמִים וַעֲבָדֵיהֶם בְּיַד הָאֱלֹהִים גַּם־אַהֲבָה
ב גַם־שִׂנְאָה אֵין יוֹדֵעַ הָאָדָם הַכֹּל לִפְנֵיהֶם׃ הַכֹּל כַּאֲשֶׁר
לַכֹּל מִקְרֶה אֶחָד לַצַּדִּיק וְלָרָשָׁע לַטּוֹב וְלַטָּהוֹר וְלַטָּמֵא
וְלַזֹּבֵחַ וְלַאֲשֶׁר אֵינֶנּוּ זֹבֵחַ כַּטּוֹב כַּחֹטֶא הַנִּשְׁבָּע כַּאֲשֶׁר
ג שְׁבוּעָה יָרֵא׃ זֶה ׀ רָע בְּכֹל אֲשֶׁר־נַעֲשָׂה תַּחַת הַשֶּׁמֶשׁ
כִּי־מִקְרֶה אֶחָד לַכֹּל וְגַם לֵב בְּנֵי־הָאָדָם מָלֵא־רָע וְהוֹלֵלוֹת

ט, ב׳ כצל

ט [1] וואָרום דאָס אַלץ האָב איך מיר אַריינגענומען אין האַרצן, כּדי קלאָר צו מאַכן דאָס אַלץ: אַז די צדיקים און די חכמים מיט זייערע מעשׂים זיינען אין דער האַנט פון גאָט; סיי ליבשאַפט, סיי שׂנאה–דער מענטש ווייס ניט; אַלץ ליגט זיי פאַרויס. [2] אַלצדינג ווי פאַר אַלעמען; איין טראַף פאַר דעם צדיק און פאַר דעם רשע, פאַר דעם גוטן און דעם ריינעם, און פאַר דעם אומריינעם, און פאַר דעם וואָס שלאַכט אַ קרבן, און פאַר דעם וואָס שלאַכט ניט; אַזוי דער גוטער אַזוי דער זינדיקער, דער וואָס שווערט ווי דער וואָס שײַט זיך פון אַ שבועה. [3] דאָס איז דאָס בייז אין אַלץ וואָס געשעט אונטער דער זון, וואָס איין טראַף איז פאַר אַלעמען, און אויך איז דאָס האַרץ פון די מענטשנקינדער פול מיט בייז, און

בִּלְבָבָם בְּחַיֵּיהֶם וְאַחֲרָיו אֶל־הַמֵּתִים׃ כִּי־מִי אֲשֶׁר יְבֻחַר ד
אֶל כָּל־הַחַיִּים יֵשׁ בִּטָּחוֹן כִּי־לְכֶלֶב חַי הוּא טוֹב מִן־
הָאַרְיֵה הַמֵּת׃ כִּי הַחַיִּים יוֹדְעִים שֶׁיָּמֻתוּ וְהַמֵּתִים אֵינָם ה
יוֹדְעִים מְאוּמָה וְאֵין־עוֹד לָהֶם שָׂכָר כִּי נִשְׁכַּח זִכְרָם׃
גַּם אַהֲבָתָם גַּם־שִׂנְאָתָם גַּם־קִנְאָתָם כְּבָר אָבָדָה וְחֵלֶק ו
אֵין־לָהֶם עוֹד לְעוֹלָם בְּכֹל אֲשֶׁר־נַעֲשָׂה תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ׃
לֵךְ אֱכֹל בְּשִׂמְחָה לַחְמֶךָ וּשֲׁתֵה בְלֶב־טוֹב יֵינֶךָ כִּי כְבָר ז
רָצָה הָאֱלֹהִים אֶת־מַעֲשֶׂיךָ׃ בְּכָל־עֵת יִהְיוּ בְגָדֶיךָ לְבָנִים ח
וְשֶׁמֶן עַל־רֹאשְׁךָ אַל־יֶחְסָר׃ רְאֵה חַיִּים עִם־אִשָּׁה אֲשֶׁר־ ט
אָהַבְתָּ כָּל־יְמֵי חַיֵּי הֶבְלֶךָ אֲשֶׁר נָתַן־לְךָ תַּחַת הַשֶּׁמֶשׁ כֹּל
יְמֵי הֶבְלֶךָ כִּי הוּא חֶלְקְךָ בַּחַיִּים וּבַעֲמָלְךָ אֲשֶׁר־אַתָּה עָמֵל
תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ׃ כֹּל אֲשֶׁר תִּמְצָא יָדְךָ לַעֲשׂוֹת בְּכֹחֲךָ עֲשֵׂה י
כִּי אֵין מַעֲשֶׂה וְחֶשְׁבּוֹן וְדַעַת וְחָכְמָה בִּשְׁאוֹל אֲשֶׁר אַתָּה
הֹלֵךְ שָׁמָּה׃ שַׁבְתִּי וְרָאֹה תַחַת־הַשֶּׁמֶשׁ כִּי לֹא לַקַּלִּים יא
הַמֵּרוֹץ וְלֹא לַגִּבּוֹרִים הַמִּלְחָמָה וְגַם לֹא לַחֲכָמִים לֶחֶם
וְגַם לֹא לַנְּבֹנִים עֹשֶׁר וְגַם לֹא לַיֹּדְעִים חֵן כִּי־עֵת וָפֶגַע
יִקְרֶה אֶת־כֻּלָּם׃ כִּי גַּם לֹא־יֵדַע הָאָדָם אֶת־עִתּוֹ כַּדָּגִים יב
שֶׁנֶּאֱחָזִים בִּמְצוֹדָה רָעָה וְכַצִּפֳּרִים הָאֲחֻזוֹת בַּפָּח כָּהֵם
יוּקָשִׁים בְּנֵי הָאָדָם לְעֵת רָעָה כְּשֶׁתִּפּוֹל עֲלֵיהֶם פִּתְאֹם׃
גַּם־זֹה רָאִיתִי חָכְמָה תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ וּגְדוֹלָה הִיא אֵלָי׃ יג
עִיר קְטַנָּה וַאֲנָשִׁים בָּהּ מְעָט וּבָא־אֵלֶיהָ מֶלֶךְ גָּדוֹל וְסָבַב יד
אֹתָהּ וּבָנָה עָלֶיהָ מְצוֹדִים גְּדֹלִים׃ וּמָצָא בָהּ אִישׁ מִסְכֵּן טו
חָכָם וּמִלַּט־הוּא אֶת־הָעִיר בְּחָכְמָתוֹ וְאָדָם לֹא זָכַר אֶת־
הָאִישׁ הַמִּסְכֵּן הַהוּא׃ וְאָמַרְתִּי אָנִי טוֹבָה חָכְמָה מִגְּבוּרָה טז
וְחָכְמַת הַמִּסְכֵּן בְּזוּיָה וּדְבָרָיו אֵינָם נִשְׁמָעִים׃ דִּבְרֵי יז
חֲכָמִים בְּנַחַת נִשְׁמָעִים מִזַּעֲקַת מוֹשֵׁל בַּכְּסִילִים׃ טוֹבָה יח
חָכְמָה מִכְּלֵי קְרָב וְחוֹטֶא אֶחָד יְאַבֵּד טוֹבָה הַרְבֵּה׃

ט, ד׳ יְחֻבַּר קרי   יח׳ כצ״ל

משוגעת איז אין זייער האַרצן ביי זייער לעבן, און דערנאָך גייען זיי צו די טויטע.

4 וואָרום ביי דעם וואָס איז נאָך באַהעפט צו אַלע לעבעדיקע איז דאָ אַ האָפענונג, ווייל אַ לעבעדיקן הונט איז בעסער ווי אַ טויטן לייב. 5 וואָרום די לעבעדיקע ווייסן אַז זיי וועלן שטאַרבן, אָבער די טויטע ווייסן גאָרנישט, און זיי האָבן ניט מער קיין לוין; וואָרום זייער זכר איז פאַרגעסן. 6 אי זייער ליבשאַפט אי זייער שׂנאה אי זייער קנאה איז לאַנג אונטערגעגאַנגען, און זיי האָבן קיין־מאָל מער ניט קיין חלק אין אַלץ וואָס ווערט געטאָן אונטער דער זון.

7 גיי עס מיט שׂמחה דיין ברויט,
און טרינק מיט אַ פריילעכן האַרצן דיין וויין,
וואָרום גאָט האָט שוין באַוויליקט דיינע מעשׂים.
8 צו יעטוועדער צייט זאָלן דיינע בגדים זיין ווייס,
און אייל זאָל ניט פעלן אויף דיין קאָפּ.

9 געניס דאָס לעבן מיט דער ווייב וואָס דו האָסט ליב, אַלע טעג פון דיין נישטיקן לעבן וואָס מע האָט דיר געשאָנקען אונטער דער זון, אַלע דיינע נישטיקע טעג; וואָרום דאָס איז דיין חלק אין לעבן, און אין דיין מי וואָס דו מיסט זיך אונטער דער זון. 10 אַלץ וואָס דיין האַנט פאַרמאָגט צו טאָן מיט דיין כּוח, טו, וואָרום ניטאָ קיין טאָן, אָדער אויסרעכענונג, אָדער קענשאַפט, אָדער חכמה, אין דער אונטערערד וואָס דו גייסט אַהין.

11 איך האָב ווידער געזען אונטער דער זון, אַז ניט די פלינקע געווינען דעם געוועטלויף, און ניט די גיבורים די מלחמה, און אויך ניט די חכמים ברויט, און אויך ניט די פאַרשטאַנדיקע עשירות, און אויך ניט די ווילקענעוודיקע חן; נאָר צייט און צופאַל טרעפט זיי אַלעמען. 12 וואָרום דער מענטש ווייס צומאָל ניט זיין צייט; אַזוי ווי פיש וואָס ווערן געכאַפּט אין אַ בייזער נעץ, און אַזוי ווי פויגלען וואָס ווערן געכאַפּט אין אַ פאַסטקע, אַזוי ווי זיי, ווערן די מענטשנקינדער געפאַנגען אין אַ בייזער צייט, ווען זי פאַלט אויף זיי פּלוצלינג.

13 אָבער דאָס האָב איך געזען פאַר חכמה אונטער דער זון, און דאָס איז גרויס ביי מיר: 14 געווען אַ קליינע שטאָט מיט ווייניק מענטשן אין איר; איז אויף איר געקומען אַ גרויסער מלך, און האָט זי אַרומגערינגלט, און געבויט אַרום איר גרויסע באַלענערווערק. 15 האָט מען געפונען אין איר אַן אָרימאַן אַ חכם, און ער האָט געראַטעוועט די שטאָט מיט זיין חכמה; הגם קיין מענטש האָט ניט געדאַכט אָן דעמדאָזיקן אָרימאַן. 16 האָב איך געזאָגט: בעסער חכמה איידער גבורה; הגם די חכמה פון אָרימאַן ווערט פאַראַכט, און זיינע ווערטער ווערן ניט געהערט.

17 די ווערטער פון די קלוגע מיט גלאַסנקייט ווערן מער צוגעהערט
ווי דער אָנגעשריי פון אַ געוועלטיקער צווישן נאַרן.
18 בעסער חכמה איידער כּלי־מלחמה;
און איין זינדיקער פירט איבער אַ סך גוטס.

י

י 1 טויטע פליגן פֿאַרשטינקען און צעבלעזלען דעם
זאַלבמישערס אייל,
אַזוי וועגט אַריבער אַ ביסל נאַרישקייט חכמה און כּבֿוד.
2 דער שׂכל פֿון דעם חכם איז אויף זיין רעכטער זייט,
און דער שׂכל פֿון נאַרן אויף זיין לינקער.
3 און אויך אַז דער נאַר גייט אין וועג, פֿעלט אים שׂכל, און
ער זאָגט אַלעמען אויס אַז ער איז אַ נאַר.
4 אַז דאָס געמיט פֿון דעם געוועלטיקער הייבט זיך אויף
קעגן דיר,
זאָלסטו ניט פֿאַרלאָזן דיין אָרט;
וואָרום געלאַסנקייט באַרוט גרויסע זינד.
5 פֿאַראַן אַן אומגליק וואָס איך האָב געזען אונטער דער
זון,
אַזוי ווי אַ פֿאַרזע וואָס גייט אַרויס פֿון אַ געוועל־
טיקער:
6 נאַרישקייט ווערט געשטעלט אין גרויסע הייכן,
און נגידים זיצן אין דער נידער.
7 איך האָב געזען קנעכט אויף פֿערד,
און האַרן וואָס גייען ווי קנעכט אויף דער ערד.
8 דער וואָס גראָבט אַ גרוב, וועט אין איר אַריינפֿאַלן,
און דער וואָס ברעכט דורך אַ צאַם, אים וועט איינ־
בייסן אַ שלאַנג.
9 דער וואָס האַקט אַרויס שטיינער וועט זיך ווי טאָן אָן זיי,
דער וואָס שפּאַלט האָלץ איז אין סכּנה דורך דעם.
10 אַז דער אייזן איז שטומפּ,
און מע האָט דעם שאַרף ניט פֿאַרשליפֿט,
מוז מען שטאַרקן די כּוחות;
און די מעלה פֿון חכמה איז צוגרייטן.
11 אַז די שלאַנג בייסט איין פֿאַרן אָפּשפּרעכן,
איז אוים מעלה פֿון דעם מאַן מיט דער צונג.

12 די ווערטער פֿון דעם חכמס מויל זיינען מיט חן,
און די ליפּן פֿון דעם נאַרן ברענגען אים אום.
13 דער אָנהייב פֿון די ווערטער פֿון זיין מויל איז נאַרישקייט,
און דער סוף פֿון זיין רעדן איז בייזע משוגעת.
14 יאָ, דער נאַר מערט ווערטער,
אָבער דער מענטש ווייס ניט וואָס געשעט;
און וואָס וועט געשען נאָך אים,
ווער וועט אים דערציילן?
15 די מי פֿון דעם נאַרן פֿאַרמאַטערט אים,
וואָרום ער ווייס ניט צומאָל ווי צו גיין אין שטאָט.

16 וויי דיר לאַנד, וואָס דיין מלך איז אַ יונג,
און דיינע האַרן מאַכן סעודות אין דער פֿרי!
17 וויל דיר לאַנד, וואָס דיין מלך איז אַ פֿרייגעבאָרענער,
און דיינע האַרן עסן אין דער צייט,
אין מאַנהאַפֿטיקייט און ניט אין זויפֿעריי.

18 פֿון פֿוילקייט פֿאַלט איין דער באַלקן,
און פֿון אָפּגעלאָזטע הענט רינט דאָס הויז.

10 אַ סעודה מאַכט מען פֿון פֿריילעכקייט וועגן,
און וויין מאַכט לוסטיק דאָס לעבן;
אָבער געלט באַוואָרט אַלץ.

20 אַפֿילו אין דיין געדאַנקען זאָלסטו ניט שילטן דעם מלך,
און אין דיינע שלאָפֿקאַמערן זאָלסטו ניט שילטן דעם
עושר;
וואָרום אַ פֿויגל פֿון הימל וועט אַוועקטראָגן דעם קול,
און דער וואָס האָט פֿליגלען וועט דערציילן די זאַך.

יא 1 לאָז אַוועק דיין ברויט אויפֿן וואַסער,
וואָרום אין פֿיל טעג אַרום וועסטו עס געפֿינען.
2 צעטייל אַ חלק אויף זיבן, און אַפֿילו אויף אַכט,
וואָרום ווייסט ניט וואָס פֿאַר אַ בייז עס קען זיין אויף
דער ערד.

י

א זְבוּבֵי מָוֶת יַבְאִישׁ יַבִּיעַ שֶׁמֶן רוֹקֵחַ יָקָר מֵחָכְמָה מִכָּבוֹד
ב ג סִכְלוּת מְעָט׃ לֵב חָכָם לִימִינוֹ וְלֵב כְּסִיל לִשְׂמֹאלוֹ׃ וְגַם־
בַּדֶּרֶךְ כְּשֶׁהסָּכָל הֹלֵךְ לִבּוֹ חָסֵר וְאָמַר לַכֹּל סָכָל הוּא׃
ד אִם־רוּחַ הַמּוֹשֵׁל תַּעֲלֶה עָלֶיךָ מְקוֹמְךָ אַל־תַּנַּח כִּי מַרְפֵּא
ה יַנִּיחַ חֲטָאִים גְּדוֹלִים׃ יֵשׁ רָעָה רָאִיתִי תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ
ו כִּשְׁגָגָה שֶׁיֹּצָא מִלִּפְנֵי הַשַּׁלִּיט׃ נִתַּן הַסֶּכֶל בַּמְּרוֹמִים
ז רַבִּים וַעֲשִׁירִים בַּשֵּׁפֶל יֵשֵׁבוּ׃ רָאִיתִי עֲבָדִים עַל־סוּסִים
ח וְשָׂרִים הֹלְכִים כַּעֲבָדִים עַל־הָאָרֶץ׃ חֹפֵר גּוּמָּץ בּוֹ יִפּוֹל
ט וּפֹרֵץ גָּדֵר יִשְּׁכֶנּוּ נָחָשׁ׃ מַסִּיעַ אֲבָנִים יֵעָצֵב בָּהֶם בּוֹקֵעַ
י עֵצִים יִסָּכֶן בָּם׃ אִם־קֵהָה הַבַּרְזֶל וְהוּא לֹא־פָנִים קִלְקַל
יא וַחֲיָלִים יְגַבֵּר וְיִתְרוֹן הַכְשֵׁיר חָכְמָה׃ אִם־יִשֹּׁךְ הַנָּחָשׁ
יב בְּלוֹא־לָחַשׁ וְאֵין יִתְרוֹן לְבַעַל הַלָּשׁוֹן׃ דִּבְרֵי פִי־חָכָם חֵן
יג וְשִׂפְתוֹת כְּסִיל תְּבַלְּעֶנּוּ׃ תְּחִלַּת דִּבְרֵי־פִיהוּ סִכְלוּת וְאַחֲרִית
יד פִּיהוּ הוֹלֵלוּת רָעָה׃ וְהַסָּכָל יַרְבֶּה דְבָרִים לֹא־יֵדַע הָאָדָם
טו מַה־שֶּׁיִּהְיֶה וַאֲשֶׁר יִהְיֶה מֵאַחֲרָיו מִי יַגִּיד לוֹ׃ עֲמַל
טז הַכְּסִילִים תְּיַגְּעֶנּוּ אֲשֶׁר לֹא־יָדַע לָלֶכֶת אֶל־עִיר׃ אִי־לָךְ
יז אֶרֶץ שֶׁמַּלְכֵּךְ נָעַר וְשָׂרַיִךְ בַּבֹּקֶר יֹאכֵלוּ׃ אַשְׁרֵיךְ אֶרֶץ
שֶׁמַּלְכֵּךְ בֶּן־חוֹרִים וְשָׂרַיִךְ בָּעֵת יֹאכֵלוּ בִּגְבוּרָה וְלֹא בַשְּׁתִי׃
יח בַּעֲצַלְתַּיִם יִמַּךְ הַמְּקָרֶה וּבְשִׁפְלוּת יָדַיִם יִדְלֹף הַבָּיִת׃
יט לִשְׂחוֹק עֹשִׂים לֶחֶם וְיַיִן יְשַׂמַּח חַיִּים וְהַכֶּסֶף יַעֲנֶה אֶת־
כ הַכֹּל׃ גַּם בְּמַדָּעֲךָ מֶלֶךְ אַל־תְּקַלֵּל וּבְחַדְרֵי מִשְׁכָּבְךָ אַל־
תְּקַלֵּל עָשִׁיר כִּי עוֹף הַשָּׁמַיִם יוֹלִיךְ אֶת־הַקּוֹל וּבַעַל הכְּנָפַיִם
יַגֵּיד דָּבָר׃

יא

א שַׁלַּח לַחְמְךָ עַל־פְּנֵי הַמָּיִם כִּי־בְרֹב הַיָּמִים תִּמְצָאֶנּוּ׃
ב תֶּן־חֵלֶק לְשִׁבְעָה וְגַם לִשְׁמוֹנָה כִּי לֹא תֵדַע מַה־יִּהְיֶה רָעָה

י, ג׳ יתיר ה׳ ח׳ דגש אחר שורק כ׳ יתיר הי

עַל־הָאָרֶץ׃ אִם־יִמָּלְאוּ הֶעָבִים גֶּשֶׁם עַל־הָאָרֶץ יָרִיקוּ ג
וְאִם־יִפּוֹל עֵץ בַּדָּרוֹם וְאִם בַּצָּפוֹן מְקוֹם שֶׁיִּפּוֹל הָעֵץ שָׁם
יְהוּא׃ שֹׁמֵר רוּחַ לֹא יִזְרָע וְרֹאֶה בֶעָבִים לֹא יִקְצוֹר׃ ד
כַּאֲשֶׁר אֵינְךָ יוֹדֵעַ מַה־דֶּרֶךְ הָרוּחַ כַּעֲצָמִים בְּבֶטֶן הַמְּלֵאָה ה
כָּכָה לֹא תֵדַע אֶת־מַעֲשֵׂה הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אֶת־
הַכֹּל׃ בַּבֹּקֶר זְרַע אֶת־זַרְעֶךָ וְלָעֶרֶב אַל־תַּנַּח יָדֶךָ כִּי אֵינְךָ ו
יוֹדֵעַ אֵי זֶה יִכְשָׁר הֲזֶה אוֹ־זֶה וְאִם־שְׁנֵיהֶם כְּאֶחָד טוֹבִים׃
וּמָתוֹק הָאוֹר וְטוֹב לַעֵינַיִם לִרְאוֹת אֶת־הַשָּׁמֶשׁ׃ כִּי אִם־ ז ח
שָׁנִים הַרְבֵּה יִחְיֶה הָאָדָם בְּכֻלָּם יִשְׂמָח וְיִזְכֹּר אֶת־יְמֵי
הַחֹשֶׁךְ כִּי־הַרְבֵּה יִהְיוּ כָּל־שֶׁבָּא הָבֶל׃ שְׂמַח בָּחוּר ט
בְּיַלְדוּתֶךָ וִיטִיבְךָ לִבְּךָ בִּימֵי בְחוּרוֹתֶךָ וְהַלֵּךְ בְּדַרְכֵי
לִבְּךָ וּבְמַרְאֵי עֵינֶיךָ וְדָע כִּי עַל־כָּל־אֵלֶּה יְבִיאֲךָ הָאֱלֹהִים
בַּמִּשְׁפָּט׃ וְהָסֵר כַּעַס מִלִּבֶּךָ וְהַעֲבֵר רָעָה מִבְּשָׂרֶךָ כִּי־ י
הַיַּלְדוּת וְהַשַּׁחֲרוּת הָבֶל׃

יב

וּזְכֹר אֶת־בּוֹרְאֶךָ בִּימֵי בְּחוּרֹתֶיךָ עַד אֲשֶׁר לֹא־יָבֹאוּ יְמֵי א
הָרָעָה וְהִגִּיעוּ שָׁנִים אֲשֶׁר תֹּאמַר אֵין־לִי בָהֶם חֵפֶץ׃ עַד ב
אֲשֶׁר לֹא־תֶחְשַׁךְ הַשֶּׁמֶשׁ וְהָאוֹר וְהַיָּרֵחַ וְהַכּוֹכָבִים וְשָׁבוּ
הֶעָבִים אַחַר הַגָּשֶׁם׃ בַּיּוֹם שֶׁיָּזֻעוּ שֹׁמְרֵי הַבַּיִת וְהִתְעַוְּתוּ ג
אַנְשֵׁי הֶחָיִל וּבָטְלוּ הַטֹּחֲנוֹת כִּי מִעֵטוּ וְחָשְׁכוּ הָרֹאוֹת
בָּאֲרֻבּוֹת׃ וְסֻגְּרוּ דְלָתַיִם בַּשּׁוּק בִּשְׁפַל קוֹל הַטַּחֲנָה וְיָקוּם ד
לְקוֹל הַצִּפּוֹר וְיִשַּׁחוּ כָּל־בְּנוֹת הַשִּׁיר׃ גַּם מִגָּבֹהַּ יִרָאוּ ה
וְחַתְחַתִּים בַּדֶּרֶךְ וְיָנֵאץ הַשָּׁקֵד וְיִסְתַּבֵּל הֶחָגָב וְתָפֵר
הָאֲבִיּוֹנָה כִּי־הֹלֵךְ הָאָדָם אֶל־בֵּית עוֹלָמוֹ וְסָבְבוּ בַשּׁוּק
הַסֹּפְדִים׃ עַד אֲשֶׁר לֹא־יֵרָחֵק חֶבֶל הַכֶּסֶף וְתָרֻץ גֻּלַּת ו
הַזָּהָב וְתִשָּׁבֶר כַּד עַל־הַמַּבּוּעַ וְנָרֹץ הַגַּלְגַּל אֶל־הַבּוֹר׃
וְיָשֹׁב הֶעָפָר עַל־הָאָרֶץ כְּשֶׁהָיָה וְהָרוּחַ תָּשׁוּב אֶל־הָאֱלֹהִים ז

יא, ו׳ קמץ בפשטא   ט׳ ובמראה קרי   קמץ מ״ג   יב, א׳ כ״א בוראך
ו׳ ירתק קרי

3 אַז די וואָלקן ווערן פול מיט רעגן,
ליידיקן זיי זיך אויס אויף דער ערד;
און סיי אַ בוים פאַלט אין צפון און סיי אין דָרום–
אין אָרט ווו דער בוים פאַלט, דאָרטן וועט ער בלייבן.

4 דער וואָס פאַסט־אויף דעם ווינט וועט ניט זייען,
און דער וואָס קוקט אויף די וואָלקנס וועט ניט שניידן.
5 אַזוי ווי דו ווייסט ניט וואָס איז דער וועג פון דעם ווינט,
אָדער ווי עס ווערן ביינער אין לייב פון אַ
טראָגעדיקער,
אַזוי ווייסטו ניט די טואונג פון גאָט
וואָס טוט אַלצדינג.
6 אין פרימאָרגן זיי דיין זאָמען,
און אין אָוונט זאָלסטו ניט אָפּלאָזן דיין האַנט,
וואָרום דו ווייסט ניט וואָסערס וועט געראָטן, דאָס
אָדער יענס,
אָדערביידע באַגלייך וועלן זיין גוט.
7 און זיס איז די ליכטיקייט,
און גוט איז פאַר די אויגן צו זען די זון.
8 וואָרום וויפיל יאָרן דער מענטש זאָל לעבן,
זאָל ער אין זיי אַלע זיין פריילעך;
און זאָל ער געדענקען די טעג פון פינצטערניש,
אַז זיי וועלן זיין פיל.
אַלץ וואָס געשעט איז נישטיקייט.

9 פריי זיך, בָחור, אין דיין יוגנט,
און לאָז וויל גיין דיין האַרץ אין דיינע בָחורשע טעג,
און גיי אין די וועגן פון דיין האַרצן,
און נאָך דער זעאונג פון דיינע אויגן;
אָבער זיי וויסן אַז פאַר אַלעם דעם
וועט גאָט דיך ברענגען צום משפט.
10 און טו אָפּ ערגערניש פון דיין האַרצן,
און האַלט אָפּ בייז פון דיין לייב,
וואָרום יינגלשאַפט און יוגנט זיינען אַ הויך.

יב 1 און געדענק דיין באַשעפער אין דיינע בָחורשע
טעג,
איידער עס וועלן קומען די שלעכטע טעג,
און אָנקומען וועלן די יאָרן,
וואָס דו וועסט זאָגן: איך האָב ניט קיין הנאה פון זיי;
2 איידער עס וועט פינצטער ווערן די זון און דאָס ליכט,
און די לבנה און די שטערן;
און די וואָלקנס וועלן ווידער קערן נאָכן רעגן;
3 אין דעם טאָג וואָס די הויזוועכטער וועלן זיך טרייסלען,
און די חילס־לייט וועלן זיך אויסקרימען,
און די מאָלערינס וועלן ניט אַרבעטן, ווייל זיי זיינען
ווינציק,
און די קוקערינס וועלן טונקל זיין אין די פענצטער,
4 און די טירן צום גאַס וועלן פאַרשלאָסן ווערן;
ווען נידעריק וועט זיין דאָס רוישן פון דער מיל,
און מע וועט זיך אָפּשטעלן ביים פּיפּס פון אַ פויגל,
און פאַרשטיקט וועלן זיין אַלע טעכטער פון געזאַנג;
5 אויך וועט מען מורא האָבן פאַר אַ הויכן אָרט,
און שרעקענישן וועלן זיין אויפן וועג;
און דער מאַנדלבוים וועט בליִען,
און דער היישעריק וועט זיך שלעפּן,
און די קאַפּערפרוכט וועט אויפהערן,
ווייל דער מענטש גייט צו זיין אייביקער היים,
און די באַקלאָגער וועלן זיך אומדרייען אין גאַס;
6 איידער די זילבערנע שנור וועט צעריסן ווערן,
און דער גילדערנער בעקן וועט צעהאַקט ווערן,
און דער קרוג וועט צעבראָכן ווערן ביים קוואַל,
און דער ראָד פאַלט אַ צעהאַקטער אין ברונעם;
7 און דער שטויב וועט זיך אומקערן צו דער ערד, ווי
געווען,
און דער גייסט וועט זיך אומקערן צו גאָט וואָס האָט
אים געגעבן.

ח אֲשֶׁר נְתָנָהּ׃ הֲבֵל הֲבָלִים אָמַר הַקּוֹהֶלֶת הַכֹּל הָבֶל׃
ט וְיֹתֵר שֶׁהָיָה קֹהֶלֶת חָכָם עוֹד לִמַּד־דַּעַת אֶת־הָעָם וְאִזֵּן
י וְחִקֵּר תִּקֵּן מְשָׁלִים הַרְבֵּה׃ בִּקֵּשׁ קֹהֶלֶת לִמְצֹא דִּבְרֵי־
יא חֵפֶץ וְכָתוּב יֹשֶׁר דִּבְרֵי אֱמֶת׃ דִּבְרֵי חֲכָמִים כַּדָּרְבֹנוֹת
יב וּכְמַשְׂמְרוֹת נְטוּעִים בַּעֲלֵי אֲסֻפּוֹת נִתְּנוּ מֵרֹעֶה אֶחָד׃ וְיֹתֵר
מֵהֵמָּה בְּנִי הִזָּהֵר עֲשׂוֹת סְפָרִים הַרְבֵּה אֵין קֵץ וְלַהַג
יג הַרְבֵּה יְגִעַת בָּשָׂר׃ סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת־הָאֱלֹהִים
יד יְרָא וְאֶת־מִצְוֺתָיו שְׁמוֹר כִּי־זֶה כָּל־הָאָדָם׃ כִּי אֶת־כָּל־
מַעֲשֶׂה הָאֱלֹהִים יָבִא בְמִשְׁפָּט עַל כָּל־נֶעְלָם אִם־טוֹב
וְאִם־רָע׃

יג׳ ס׳ רבתי

8 נישטיקייט פון נישטיקייטן, זאָגט קהלת, אַלץ איז נישטיקייט.

9 און אַחוץ וואָס קהלת איז געווען אַ חכם, האָט ער נאָך געלערנט דאָס פאָלק קענשאַפט; און ער האָט געוויגן און געפאָרשט, און צונויפגעשטעלט שפּריכווערטער אַ סך. 10 קהלת האָט געזוכט צו געפינען נוצלעכע זאַכן, און וואָס איז געשריבן אויפריכטיק—אמתדיקע ווערטער.

11 די ווערטער פון די חכמים זיינען אַזוי ווי טרייבּ־שפּיצן, און ווי נעגל אַריינגעשלאָגענע זיינען די צונויפגעזאַמלטע [רייד]; זיי זיינען געגעבן געוואָרן פון איין פּאַסטוך. 12 און ווייטער, מיין זון, זיי געוואָרנט: צו מאַכן פיל ספרים איז ניטאָ קיין ענד, אָבער זיך גריבלען צו פיל מאַטערט אָפּ דעם לייב.

13 דער סוף פון דער זאַך, נאָכדעם ווי אַלץ איז געהערט געוואָרן, איז: האָב מורא פאַר גאָט, און היט זיינע געבאָט, וואָרום דאָס איז דער גאַנצער מענטש. 14 ווייל דעם גאַנצן באַשאַף וועט גאָט ברענגען פאַר אַ משפט איבער אַלעם פאַרהוילענעם, סיי גוט און סיי שלעכט.

סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת־הָאֱלֹהִים יְרָא וְאֶת־מִצְוֺתָיו שְׁמוֹר כִּי־זֶה כָּל־הָאָדָם׃ סימן יתק״ק

דער סוף פון דער זאַך, נאָכדעם ווי אַלץ איז געהערט געוואָרן, איז: האָב מורא פאַר גאָט, און היט זיינע געבאָט, וואָרום דאָס איז דער גאַנצער מענטש.

סכום פסוקי דספר קהלת מאתים ועשרים ושנים. וסימנו מה שהיה כבר נקרא שמו. וגם חציו מה שהיה כבר נקרא שמו. וסדריו ארבעה. וסימנו אבא בם אודה יה:

# אֶסְתֵּר

וַיְהִי בִּימֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הוּא אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הַמֹּלֵךְ מֵהֹדּוּ וְעַד־ א
כּוּשׁ שֶׁבַע וְעֶשְׂרִים וּמֵאָה מְדִינָה׃ בַּיָּמִים הָהֵם כְּשֶׁבֶת ׀ ב
הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ עַל כִּסֵּא מַלְכוּתוֹ אֲשֶׁר בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה׃
בִּשְׁנַת שָׁלוֹשׁ לְמָלְכוֹ עָשָׂה מִשְׁתֶּה לְכָל־שָׂרָיו וַעֲבָדָיו ג
חֵיל ׀ פָּרַס וּמָדַי הַפַּרְתְּמִים וְשָׂרֵי הַמְּדִינוֹת לְפָנָיו׃

**א** 1 און עס איז געווען אין די טעג פון אַחַשְׁוֵרוֹשן–דאָס
איז דער אַחַשְׁוֵרוֹשׁ וואָס האָט געקיניגט פון הודו ביז
כּוש, איבער הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות–
2 אין יענע טעג, אַז דער מלך אַחַשְׁוֵרוֹשׁ איז געזעסן אויף
דעם טראָן פון זיין מלוכה וואָס אין דער הויפּטשטאָט
שושַן, 3 אין דריטן יאָר פון זיין מלוכה, האָט ער געמאַכט
אַ מאָלצייט פאַר אַלע זיינע האַרן און זיינע קנעכט, דעם חיל פון פָּרַס און מָדַי, די אַדללייט און די האַרן פון די מדינות,

ד בְּהַרְאֹתוֹ אֶת־עֹשֶׁר כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ וְאֶת־יְקָר תִּפְאֶרֶת
ה גְּדוּלָּתוֹ יָמִים רַבִּים שְׁמוֹנִים וּמְאַת יוֹם׃ וּבִמְלוֹאת ׀ הַיָּמִים
הָאֵלֶּה עָשָׂה הַמֶּלֶךְ לְכָל־הָעָם הַנִּמְצְאִים בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה
לְמִגָּדוֹל וְעַד־קָטָן מִשְׁתֶּה שִׁבְעַת יָמִים בַּחֲצַר גִּנַּת בִּיתַן
ו הַמֶּלֶךְ׃ חוּר ׀ כַּרְפַּס וּתְכֵלֶת אָחוּז בְּחַבְלֵי־בוּץ וְאַרְגָּמָן
עַל־גְּלִילֵי כֶסֶף וְעַמּוּדֵי שֵׁשׁ מִטּוֹת ׀ זָהָב וָכֶסֶף עַל רִצְפַת
ז בַּהַט־וָשֵׁשׁ וְדַר וְסֹחָרֶת׃ וְהַשְׁקוֹת בִּכְלֵי זָהָב וְכֵלִים
ח מִכֵּלִים שׁוֹנִים וְיֵין מַלְכוּת רָב כְּיַד הַמֶּלֶךְ׃ וְהַשְּׁתִיָּה
כַדָּת אֵין אֹנֵס כִּי־כֵן ׀ יִסַּד הַמֶּלֶךְ עַל כָּל־רַב בֵּיתוֹ
ט לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ־וָאִישׁ׃ גַּם וַשְׁתִּי הַמַּלְכָּה עָשְׂתָה
י מִשְׁתֵּה נָשִׁים בֵּית הַמַּלְכוּת אֲשֶׁר לַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ׃ בַּיּוֹם
הַשְּׁבִיעִי כְּטוֹב לֵב־הַמֶּלֶךְ בַּיָּיִן אָמַר לִמְהוּמָן בִּזְּתָא
חַרְבוֹנָא בִּגְתָא וַאֲבַגְתָא זֵתַר וְכַרְכַּס שִׁבְעַת הַסָּרִיסִים
יא הַמְשָׁרְתִים אֶת־פְּנֵי הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ׃ לְהָבִיא אֶת־
וַשְׁתִּי הַמַּלְכָּה לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ בְּכֶתֶר מַלְכוּת לְהַרְאוֹת הָעַמִּים
יב וְהַשָּׂרִים אֶת־יָפְיָהּ כִּי־טוֹבַת מַרְאֶה הִיא׃ וַתְּמָאֵן הַמַּלְכָּה
וַשְׁתִּי לָבוֹא בִּדְבַר הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר בְּיַד הַסָּרִיסִים וַיִּקְצֹף
יג הַמֶּלֶךְ מְאֹד וַחֲמָתוֹ בָּעֲרָה בוֹ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
לַחֲכָמִים יֹדְעֵי הָעִתִּים כִּי־כֵן דְּבַר הַמֶּלֶךְ לִפְנֵי כָּל־יֹדְעֵי
יד דָּת וָדִין׃ וְהַקָּרֹב אֵלָיו כַּרְשְׁנָא שֵׁתָר אַדְמָתָא תַרְשִׁישׁ
מֶרֶס מַרְסְנָא מְמוּכָן שִׁבְעַת שָׂרֵי ׀ פָּרַס וּמָדַי רֹאֵי פְּנֵי
טו הַמֶּלֶךְ הַיֹּשְׁבִים רִאשֹׁנָה בַּמַּלְכוּת׃ כְּדָת מַה־לַּעֲשׂוֹת
בַּמַּלְכָּה וַשְׁתִּי עַל ׀ אֲשֶׁר לֹא־עָשְׂתָה אֶת־מַאֲמַר הַמֶּלֶךְ
טז אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ בְּיַד הַסָּרִיסִים׃ וַיֹּאמֶר מוּמְכָן לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ
וְהַשָּׂרִים לֹא עַל־הַמֶּלֶךְ לְבַדּוֹ עָוְתָה וַשְׁתִּי הַמַּלְכָּה כִּי
עַל־כָּל־הַשָּׂרִים וְעַל־כָּל־הָעַמִּים אֲשֶׁר בְּכָל־מְדִינוֹת
יז הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ׃ כִּי־יֵצֵא דְבַר־הַמַּלְכָּה עַל־כָּל־הַנָּשִׁים

---

ד׳ שורק עם הרגש   ה׳ מלא ו׳   ו׳ ח׳ רבתי   יד׳ בניא הת׳ בקמץ   טז׳ ממוכן קרי

וואָס פאַר אים; 4 ווען ער האָט געוויזן די עשירות פון זיין קיניגלעכן שטאַט, און די זעלטענע פּראַכט פון זיין גרויסקייט, פיל טעג, הונדערט און אַכציק טעג. 5 און אַז דידאָזיקע טעג זיינען דערפילט געוואָרן, האָט דער מלך געמאַכט פאַר דעם גאַנצן פאָלק וואָס האָט זיך געפונען אין דער הויפּטשטאָט שושַן, פון קלענסטן ביזן גרעסטן, אַ מאָלצייט פון זיבן טעג אין הויף פון דעם מלכס פּאַלאַצגאָרטן. 6 ווייסע צייג, דינע ליינען, און בלאָע וואָל, זיינען געווען באַפעסטיקט מיט שנורן פון פיינליינען און פּורפּל אויף זילבערנע שטאַנגען און זיילן פון מירמל־שטיין; מיט גילדערנע און זילבערנע לענבעטלעך אויף אַ פּלאַסטערונג פון אַלאַבאַסטער און מירמלשטיין, און פּערלמוטער, און פלעקמירמל. 7 און געגעבן טרינקען האָט מען אין גילדערנע כּלים, און כּלים פון כּלים פאַר־שיידן, און מַלכותדיקער וויין איז געווען מיט אַ קיניג־לעכער האַנט. 8 און דאָס טרינקען איז געווען ווי געהעריק; קיינער האָט ניט גענייט; וואָרום אַזוי האָט דער מלך פעסט אָנגעזאָגט איטלעכן עלטסטן פון זיין הויז, צו טאָן לויט דעם רצון פון יעטוועדער איינעם.

9 אויך די מלכּה וַשתּי האָט געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר די ווייבער אין דעם קיניגלעכן הויז פון מלך אַחַשוֵרוֹש.

10 אויפן זיבעטן טאָג, אַז דעם מלכס האַרץ איז געווען פריילעך פון וויין, האָט ער געהייסן מהוּמָן, בִּזְתָא, חַרבוֹנָא, בִּגתאָן, און אַבַגתָא, זֵתַר, און כַּרכַּס, די זיבן קאַמערדינער וואָס האָבן באַדינט פאַר דעם מלך אַחַשוֵרוֹש, 11 ברענגען די מלכּה וַשתּי פאַר דעם מלך אין אַ קיניגלעכער קרוין, כּדי צו ווייזן די פעלקער און די האַרן איר שיינקייט, וואָרום זי איז געווען שיין פון אויסזען. 12 האָט די מלכּה וַשתּי ניט געוואָלט קומען אויף דעם מלכס אָנזאָג וואָס דורך דער האַנט פון די קאַמערדינער, און דער מלך איז זייער אין כּעס געוואָרן, און זיין גרימצאָרן האָט אין אים געברענט.

13 און דער מלך האָט געזאָגט צו די חכמים וואָס קענען די צייטן–וואָרום אַזוי איז געווען דעם מלכס-שטייגער אַנטקעגן אַלע וואָס ווייסן אַ געזעץ און אַ דין; 14 און די נאָענטע צו אים זיינען געווען כַּרשנאָ, שֵׁתָר, אַדמָתאָ, תַּרשיש, מֶרֶס, מַרסנאָ, ממוּכָן, זיבן האַרן פון פָּרַס און מָדַי וואָס האָבן געזען דעם מלכס פּנים, וואָס זיינען געזעסן אויבנאָן אין דער מלוכה–: 15 וואָס דאַרף מען טאָן לויט געזעץ צו דער מלכּה וַשתּי פאַר וואָס זי האָט ניט געטאָן דעם אָנזאָג פון מלך אַחַשוֵרוֹש דורך דער האַנט פון די קאַמערדינער.

16 האָט ממוּכָן געזאָגט פאַר דעם מלך און די האַרן: ניט אַקעגן מלך אַליין האָט פאַרבראָכן די מלכּה וַשתּי, נאָר אַקעגן אַלע האַרן, און אַקעגן אַלע פעלקער וואָס אין אַלע מדינות פון מלך אַחַשוֵרוֹש. 17 וואָרום די מעשׂה מיט דער

לְהַבְזוֹת בַּעְלֵיהֶן בְּעֵינֵיהֶן בְּאָמְרָם הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אָמַר
יח לְהָבִיא אֶת־וַשְׁתִּי הַמַּלְכָּה לְפָנָיו וְלֹא־בָאָה׃ וְהַיּוֹם הַזֶּה
תֹּאמַרְנָה ׀ שָׂרוֹת פָּרַס־וּמָדַי אֲשֶׁר שָׁמְעוּ אֶת־דְּבַר הַמַּלְכָּה
יט לְכֹל שָׂרֵי הַמֶּלֶךְ וּכְדַי בִּזָּיוֹן וָקָצֶף׃ אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב
יֵצֵא דְבַר־מַלְכוּת מִלְּפָנָיו וְיִכָּתֵב בְּדָתֵי פָרַס־וּמָדַי וְלֹא
יַעֲבוֹר אֲשֶׁר לֹא־תָבוֹא וַשְׁתִּי לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ
כ וּמַלְכוּתָהּ יִתֵּן הַמֶּלֶךְ לִרְעוּתָהּ הַטּוֹבָה מִמֶּנָּה׃ וְנִשְׁמַע
פִּתְגָם הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה בְּכָל־מַלְכוּתוֹ כִּי רַבָּה הִיא
כא וְכָל־הַנָּשִׁים יִתְּנוּ יְקָר לְבַעְלֵיהֶן לְמִגָּדוֹל וְעַד־קָטָן׃ וַיִּיטַב
הַדָּבָר בְּעֵינֵי הַמֶּלֶךְ וְהַשָּׂרִים וַיַּעַשׂ הַמֶּלֶךְ כִּדְבַר מְמוּכָן׃
כב וַיִּשְׁלַח סְפָרִים אֶל־כָּל־מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ אֶל־מְדִינָה וּמְדִינָה
כִּכְתָבָהּ וְאֶל־עַם וָעָם כִּלְשׁוֹנוֹ לִהְיוֹת כָּל־אִישׁ שֹׂרֵר
בְּבֵיתוֹ וּמְדַבֵּר כִּלְשׁוֹן עַמּוֹ׃

ב

א אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה כְּשֹׁךְ חֲמַת הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ זָכַר
אֶת־וַשְׁתִּי וְאֵת אֲשֶׁר־עָשָׂתָה וְאֵת אֲשֶׁר־נִגְזַר עָלֶיהָ׃
ב וַיֹּאמְרוּ נַעֲרֵי־הַמֶּלֶךְ מְשָׁרְתָיו יְבַקְשׁוּ לַמֶּלֶךְ נְעָרוֹת בְּתוּלוֹת
ג טוֹבוֹת מַרְאֶה׃ וְיַפְקֵד הַמֶּלֶךְ פְּקִידִים בְּכָל־מְדִינוֹת
מַלְכוּתוֹ וְיִקְבְּצוּ אֶת־כָּל־נַעֲרָה־בְתוּלָה טוֹבַת מַרְאֶה אֶל־
שׁוּשַׁן הַבִּירָה אֶל־בֵּית הַנָּשִׁים אֶל־יַד הֵגֶא סְרִיס הַמֶּלֶךְ
ד שֹׁמֵר הַנָּשִׁים וְנָתוֹן תַּמְרוּקֵיהֶן׃ וְהַנַּעֲרָה אֲשֶׁר תִּיטַב
בְּעֵינֵי הַמֶּלֶךְ תִּמְלֹךְ תַּחַת וַשְׁתִּי וַיִּיטַב הַדָּבָר בְּעֵינֵי
ה הַמֶּלֶךְ וַיַּעַשׂ כֵּן׃ אִישׁ יְהוּדִי הָיָה בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה
ו וּשְׁמוֹ מָרְדֳּכַי בֶּן יָאִיר בֶּן־שִׁמְעִי בֶּן־קִישׁ אִישׁ יְמִינִי׃ אֲשֶׁר
הָגְלָה מִירוּשָׁלַיִם עִם־הַגֹּלָה אֲשֶׁר הָגְלְתָה עִם יְכָנְיָה
ז מֶלֶךְ־יְהוּדָה אֲשֶׁר הֶגְלָה נְבוּכַדְנֶצַּר מֶלֶךְ בָּבֶל׃ וַיְהִי אֹמֵן
אֶת־הֲדַסָּה הִיא אֶסְתֵּר בַּת־דֹּדוֹ כִּי אֵין לָהּ אָב וָאֵם

ב, ג׳ ס״א מלא ו     ה׳ סגול בלא מקף

מלכה וועט אַרויסקומען צו אַלע ווייבער, צו מאַכן זייערע מאַנען פאַראַכט אין זייערע אויגן, אַז מע וועט זאָגן: דער מלך אַחשורוש האָט געהייסן ברענגען פאַר אים די מלכה וַשתי, און זי איז ניט געקומען. [18] און נאָך היינטיקן טאָג וועלן די האַרינטעס פון פָּרַס און מָדַי, וואָס האָבן געהערט די מעשה מיט דער מלכה, דאָס זאָגן צו די האַרן פון מלך, און עס וועט זיין גענוג בִזָיון און ערגערניש. [19] אויב דעם מלך איז ווילגעפעלן, זאָל אַרויסגיין אַ קיניגלעכער באַפעל פון פאַר אים, און עס זאָל פאַרשריבן ווערן אין די געזעצן פון פָּרַס און מָדַי, כדי עס זאָל ניט בָטל ווערן, אַז וַשתי זאָל מער ניט קומען פאַר דעם מלך אַחשורוש, און איר מלכהשאַפט זאָל דער מלך געבן צו אַן אַנדערער וואָס איז בעסער פון איר. [20] און אַז דעם מלכס פסק וואָס ער וועט מאַכן, וועט באַקאַנט ווערן אין זיין גאַנצן קיניגרייך, ווי גרויס עס איז, וועלן אַלע ווייבער אָפּגעבן כבוד זייערע מאַנען, פון גרעסטן ביזן קלענסטן.

[21] איז דאָס וואָרט ווילגעפעלן אין די אויגן פון דעם מלך און די האַרן, און דער מלך האָט געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון ממוכָן. [22] און ער האָט געשיקט בריוו צו אַלע מדינות פון דעם מלך, צו איטלעכער מדינה לויט איר כתב, און צו איטלעכן פאָלק לויט זיין לשון, אַז יעטוועדער מאַן זאָל זיין דער הערשער אין זיין הויז, און רעדן אַזוי ווי דער לשון פון זיין פאָלק.

ב [1] נאָך דידאָזיקע געשעענישן, אַז דער גרימצאָרן פון מלך אַחשורוש האָט זיך געשטילט, האָט ער געדאַכט אָן וַשתין, און אָן וואָס זי האָט געטאָן, און וואָס איז גזור געוואָרן אויף איר. [2] האָבן געזאָגט די יונגען פון מלך, זיינע משָרתים: זאָל מען זוכן פאַרן מלך יונגע מיידלעך שיין פון אויסזען. [3] און דער מלך זאָל אויפזעצן אויפזעער אין אַלע מדינות פון זיין קיניגרייך, און זיי זאָלן איינזאַמלען ווו נאָר אַ יונג מיידל פון שיינעם אויסזען אין דער הויפּטשטאָט שושן, אין הויז פון די פרויען, אונטער דער האַנט פון הֵגא דעם קאַמערדינער פון מלך, דעם היטער פון די פרויען, און מע זאָל זיי געבן זייערע זאַלבונגען. [4] און די מיידל וואָס וועט ווילגעפעלן אין די אויגן פון מלך, זאָל ווערן די מלכה אָנשטאָט וַשתין.

און די זאַך איז ווילגעפעלן אין די אויגן פון מלך, און ער האָט אַזוי געטאָן.

[5] איז געווען אַ ייִד אין דער הויפּטשטאָט שושן מיטן נאָמען מָרדכַי, דער זון פון יָאיר, דעם זון פון שִמעִי, דעם זון פון קישן, אַ מאַן פון בנימין, [6] וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון ירושָלַים מיט די פאַרטריבענע וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן מיט יְכָניָה דעם מלך פון יהודה, די וואָס נבוכַדנֶצַר דער מלך פון בָבל האָט פאַרטריבן. [7] און ער האָט דערצויגן הֲדַסָהן, דאָס איז אֶסתֵר, די טאָכטער פון זיין פעטער, וואָרום זי האָט ניט געהאַט קיין פאָטער און מוטער; און

וְהַנַּעֲרָה יְפַת־תֹּאַר וְטוֹבַת מַרְאֶה וּבְמוֹת אָבִיהָ וְאִמָּהּ
ח לְקָחָהּ מָרְדֳּכַי לוֹ לְבַת׃ וַיְהִי בְּהִשָּׁמַע דְּבַר־הַמֶּלֶךְ וְדָתוֹ
וּבְהִקָּבֵץ נְעָרוֹת רַבּוֹת אֶל־שׁוּשַׁן הַבִּירָה אֶל־יַד הֵגָי
וַתִּלָּקַח אֶסְתֵּר אֶל־בֵּית הַמֶּלֶךְ אֶל־יַד הֵגַי שֹׁמֵר הַנָּשִׁים׃
ט וַתִּיטַב הַנַּעֲרָה בְעֵינָיו וַתִּשָּׂא חֶסֶד לְפָנָיו וַיְבַהֵל אֶת־
תַּמְרוּקֶיהָ וְאֶת־מָנוֹתֶהָ לָתֵת לָהּ וְאֵת שֶׁבַע הַנְּעָרוֹת
הָרְאֻיוֹת לָתֶת־לָהּ מִבֵּית הַמֶּלֶךְ וַיְשַׁנֶּהָ וְאֶת־נַעֲרוֹתֶיהָ
י לְטוֹב בֵּית הַנָּשִׁים׃ לֹא־הִגִּידָה אֶסְתֵּר אֶת־עַמָּהּ וְאֶת־
יא מוֹלַדְתָּהּ כִּי מָרְדֳּכַי צִוָּה עָלֶיהָ אֲשֶׁר לֹא־תַגִּיד׃ וּבְכָל־
יוֹם וָיוֹם מָרְדֳּכַי מִתְהַלֵּךְ לִפְנֵי חֲצַר בֵּית־הַנָּשִׁים לָדַעַת
יב אֶת־שְׁלוֹם אֶסְתֵּר וּמַה־יֵּעָשֶׂה בָּהּ׃ וּבְהַגִּיעַ תֹּר נַעֲרָה
וְנַעֲרָה לָבוֹא ׀ אֶל־הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ מִקֵּץ הֱיוֹת לָהּ כְּדָת
הַנָּשִׁים שְׁנֵים עָשָׂר חֹדֶשׁ כִּי כֵּן יִמְלְאוּ יְמֵי מְרוּקֵיהֶן שִׁשָּׁה
חֳדָשִׁים בְּשֶׁמֶן הַמֹּר וְשִׁשָּׁה חֳדָשִׁים בַּבְּשָׂמִים וּבְתַמְרוּקֵי
יג הַנָּשִׁים׃ וּבָזֶה הַנַּעֲרָה בָּאָה אֶל־הַמֶּלֶךְ אֵת כָּל־אֲשֶׁר
תֹּאמַר יִנָּתֵן לָהּ לָבוֹא עִמָּהּ מִבֵּית הַנָּשִׁים עַד־בֵּית הַמֶּלֶךְ׃
יד בָּעֶרֶב ׀ הִיא בָאָה וּבַבֹּקֶר הִיא שָׁבָה אֶל־בֵּית הַנָּשִׁים
שֵׁנִי אֶל־יַד שַׁעַשְׁגַז סְרִיס הַמֶּלֶךְ שֹׁמֵר הַפִּילַגְשִׁים לֹא־
תָבוֹא עוֹד אֶל־הַמֶּלֶךְ כִּי אִם־חָפֵץ בָּהּ הַמֶּלֶךְ וְנִקְרְאָה
טו בְשֵׁם׃ וּבְהַגִּיעַ תֹּר־אֶסְתֵּר בַּת־אֲבִיחַיִל ׀ דֹּד מָרְדֳּכַי אֲשֶׁר
לָקַח־לוֹ לְבַת לָבוֹא אֶל־הַמֶּלֶךְ לֹא בִקְשָׁה דָּבָר כִּי אִם
אֶת־אֲשֶׁר יֹאמַר הֵגַי סְרִיס־הַמֶּלֶךְ שֹׁמֵר הַנָּשִׁים וַתְּהִי
טז אֶסְתֵּר נֹשֵׂאת חֵן בְּעֵינֵי כָּל־רֹאֶיהָ׃ וַתִּלָּקַח אֶסְתֵּר אֶל־
הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אֶל־בֵּית מַלְכוּתוֹ בַּחֹדֶשׁ הָעֲשִׂירִי הוּא־
יז חֹדֶשׁ טֵבֵת בִּשְׁנַת־שֶׁבַע לְמַלְכוּתוֹ׃ וַיֶּאֱהַב הַמֶּלֶךְ אֶת־
אֶסְתֵּר מִכָּל־הַנָּשִׁים וַתִּשָּׂא־חֵן וָחֶסֶד לְפָנָיו מִכָּל־הַבְּתוּלֹת
יח וַיָּשֶׂם כֶּתֶר־מַלְכוּת בְּרֹאשָׁהּ וַיַּמְלִיכֶהָ תַּחַת וַשְׁתִּי׃ וַיַּעַשׂ

---

יב׳ בס״א כדת   יד׳סבירין שנית

די מיידל איז געווען שיין אויפֿן געשטאַלט, און שיין אויפֿן פּנים; און אַז איר פֿאָטער און איר מוטער זיינען געשטאָרבן, האָט זי מרדכי צוגענומען צו זיך פֿאַר אַ טאָכטער.

[8] און עס איז געווען, אַז דער אָנזאָג פֿון מלך און זיין באַפֿעל איז באַקאַנט געוואָרן, און אַז פֿיל מיידלעך זיינען איינגעזאַמלט געוואָרן אין דער הויפּטשטאָט שושן, אונטער דער האַנט פֿון הגַין, אַזוי איז אויך אסתר צוגענומען געוואָרן אין הויז פֿון מלך, אונטער דער האַנט פֿון הגַין דעם היטער פֿון די פֿרויען. [9] און די מיידל איז וווילגעפֿעלן אין זיינע אויגן, און זי האָט נושא חן געווען פֿאַר אים, און ער האָט געאײַלט מיט אירע זאַלבונגען און אירע גאָבן, און די זיבן מיידלעך וואָס דאַרפֿן איר געגעבן ווערן פֿון מלכס הויז; און ער האָט זי מיט אירע מיידלעך אויסגעצייכנט צום גוטן אין הויז פֿון די פֿרויען.

[10] אסתר האָט ניט אויסגעזאָגט איר פֿאָלק און איר אָפּשטאַם, וואָרום אַזוי האָט איר מרדכי באַפֿוילן, אַז זי זאָל ניט אויסזאָגן. [11] און טאָג פֿאַר טאָג איז מרדכי אַרומגעגאַנגען פֿאַר דעם הויף פֿון דעם הויז פֿון די פֿרויען געוואָר צו ווערן וואָס אסתר מאַכט, און וואָס מיט איר געשעט.

[12] און אַז עס האָט דערגרייכט די ריי פֿון מיידל נאָך מיידל, צו קומען צום מלך אַחשורוש, נאָכדעם ווי זי האָט געהאַט צוועלף חדשים, לויט דעם איינפֿיר פֿאַר די פֿרויען–וואָרום אַזוי האָבן געמוזט דערפֿילט ווערן די טעג פֿון זייערע זאַלבונגען: זעקס חדשים מיט אייל פֿון מירע, און זעקס חדשים מיט בשׂמים און מיט זאַלבן פֿון פֿרויען–[13] און אַז די מיידל איז דענסמאָל געגאַנגען צום מלך, פֿלעגט אַלץ וואָס זי פֿלעגט פֿאַרלאַנגען איר געגעבן ווערן, מיטצוגיין מיט איר פֿון דעם הויז פֿון פֿרויען אין הויז פֿון מלך. [14] אין אָוונט איז זי געגאַנגען, און אין דער פֿרי האָט זי זיך אומגעקערט אין צווייטן הויז פֿון די פֿרויען, אונטער דער האַנט פֿון שעשגַז דעם מלכס קאַמערדינער, דעם היטער פֿון די קעפּסווייבער. זי פֿלעגט מער ניט קומען צום מלך, סיידן דער מלך האָט זי באַגערט, און זי איז גערופֿן געוואָרן מיטן נאָמען.

[15] און אַז עס האָט דערגרייכט די ריי פֿון אסתר דער טאָכטער פֿון אַביחַיִל, מרדכיס פֿעטער, וואָס ער האָט גענומען צו זיך פֿאַר אַ טאָכטער, צו קומען צום מלך, האָט זי ניט פֿאַרלאַנגט קיין זאַך, אַחוץ וואָס הגַי דעם מלכס קאַמערדינער, דער היטער פֿון די פֿרויען, פֿלעגט זאָגן. און אסתר האָט נושא חן געווען אין די אויגן פֿון אַלע וואָס האָבן זי געזען.

[16] און אסתר איז גענומען געוואָרן צום מלך אַחשורוש אין זיין קיניגלעכן הויז, אין צענטן חודש, דאָס איז דער חודש טֵבֵת, אין זיבעטן יאָר פֿון זיין מלוכה. [17] און דער מלך האָט ליב געקריגן אסתרן מער פֿון אַלע ווייבער, און זי האָט געקריגן ביי אים חן און לייטזעליקייט מער פֿון אַלע יונגפֿרויען, און ער האָט אָנגעטאָן אַ מַלכות־קרוין אויף איר קאָפּ, און האָט זי געמאַכט פֿאַר אַ מלכּה אָנשטאָט ושתּין. [18] און דער מלך האָט געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט

הַמֶּלֶךְ מִשְׁתֶּה גָדוֹל לְכָל־שָׂרָיו וַעֲבָדָיו אֵת מִשְׁתֵּה
אֶסְתֵּר וַהֲנָחָה לַמְּדִינוֹת עָשָׂה וַיִּתֵּן מַשְׂאֵת כְּיַד הַמֶּלֶךְ׃
יט וּבְהִקָּבֵץ בְּתוּלוֹת שֵׁנִית וּמָרְדֳּכַי יֹשֵׁב בְּשַׁעַר־הַמֶּלֶךְ׃
כ אֵין אֶסְתֵּר מַגֶּדֶת מוֹלַדְתָּהּ וְאֶת־עַמָּהּ כַּאֲשֶׁר צִוָּה עָלֶיהָ
מָרְדֳּכָי וְאֶת־מַאֲמַר מָרְדֳּכַי אֶסְתֵּר עֹשָׂה כַּאֲשֶׁר הָיְתָה
כא בְאָמְנָה אִתּוֹ׃ בַּיָּמִים הָהֵם וּמָרְדֳּכַי יֹשֵׁב בְּשַׁעַר־
הַמֶּלֶךְ קָצַף בִּגְתָן וָתֶרֶשׁ שְׁנֵי־סָרִיסֵי הַמֶּלֶךְ מִשֹּׁמְרֵי הַסַּף
כב וַיְבַקְשׁוּ לִשְׁלֹחַ יָד בַּמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרֹשׁ׃ וַיִּוָּדַע הַדָּבָר
לְמָרְדֳּכַי וַיַּגֵּד לְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וַתֹּאמֶר אֶסְתֵּר לַמֶּלֶךְ
כג בְּשֵׁם מָרְדֳּכָי׃ וַיְבֻקַּשׁ הַדָּבָר וַיִּמָּצֵא וַיִּתָּלוּ שְׁנֵיהֶם עַל־
עֵץ וַיִּכָּתֵב בְּסֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃

ג

א אַחַר ׀ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה גִּדַּל הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אֶת־הָמָן
בֶּן־הַמְּדָתָא הָאֲגָגִי וַיְנַשְּׂאֵהוּ וַיָּשֶׂם אֶת־כִּסְאוֹ מֵעַל כָּל־
ב הַשָּׂרִים אֲשֶׁר אִתּוֹ׃ וְכָל־עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר־בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ
כֹּרְעִים וּמִשְׁתַּחֲוִים לְהָמָן כִּי־כֵן צִוָּה־לוֹ הַמֶּלֶךְ וּמָרְדֳּכַי
ג לֹא יִכְרַע וְלֹא יִשְׁתַּחֲוֶה׃ וַיֹּאמְרוּ עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר־
בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ לְמָרְדֳּכָי מַדּוּעַ אַתָּה עוֹבֵר אֵת מִצְוַת
ד הַמֶּלֶךְ׃ וַיְהִי בְּאָמְרָם אֵלָיו יוֹם וָיוֹם וְלֹא שָׁמַע אֲלֵיהֶם
וַיַּגִּידוּ לְהָמָן לִרְאוֹת הֲיַעַמְדוּ דִּבְרֵי מָרְדֳּכַי כִּי־הִגִּיד לָהֶם
ה אֲשֶׁר־הוּא יְהוּדִי׃ וַיַּרְא הָמָן כִּי־אֵין מָרְדֳּכַי כֹּרֵעַ
ו וּמִשְׁתַּחֲוֶה לוֹ וַיִּמָּלֵא הָמָן חֵמָה׃ וַיִּבֶז בְּעֵינָיו לִשְׁלֹחַ יָד
בְּמָרְדֳּכַי לְבַדּוֹ כִּי־הִגִּידוּ לוֹ אֶת־עַם מָרְדֳּכָי וַיְבַקֵּשׁ הָמָן
לְהַשְׁמִיד אֶת־כָּל־הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בְּכָל־מַלְכוּת אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ
ז עַם מָרְדֳּכָי׃ בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן הוּא־חֹדֶשׁ נִיסָן בִּשְׁנַת
שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה לַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הִפִּיל פּוּר הוּא הַגּוֹרָל
לִפְנֵי הָמָן מִיּוֹם ׀ לְיוֹם וּמֵחֹדֶשׁ לְחֹדֶשׁ שְׁנֵים־עָשָׂר הוּא־

---

ג, ד' כאמרם קרי

פאַר אַלע זיינע האַרן און זיינע קנעכט, אַ מאָלצייט פון אסתרס וועגן. און ער האָט געמאַכט די מדינות אַ הנחה, און געגעבן מתנות מיט אַ קיניגלעכער האַנט.

[19] און אַז יונגפרויען זיינען אַ צווייט מאָל איינגעזאַמלט געוואָרן, און מרדכי איז געזעסן אין טויער פון מלך–[20] אסתר האָט נאָך ניט געהאַט אויסגעזאָגט איר אָפּשטאַם און איר פאָלק, אַזוי ווי מרדכי האָט איר באַפוילן; וואָרום אסתר האָט געטאָן וואָס מרדכי האָט איר אָנגעזאָגט, אַזוי ווי בעת זי איז געווען אין דערציאונג ביי אים.–[21] אין יענע טעג, ווען מרדכי איז געזעסן אין טויער פון מלך, האָט געצערנט בִּגתָן און תֶּרֶש, צוויי קאַמערדינער פון מלך, פון די שוועלהיטער, און זיי האָבן געוואָלט אויסשטרעקן אַ האַנט אויפן מלך אַחַשוֵרוֹש. [22] איז די זאַך דערוווּסט געוואָרן צו מרדכין, און ער האָט דערציילט אסתר המלכהן, און אסתר האָט געזאָגט דעם מלך אין נאָמען פון מרדכין. [23] און די זאַך איז נאָכגעזוכט געוואָרן, און איז אויסגעפונען געוואָרן, און זיי זיינען ביידע אויפגעהאַנגען געוואָרן אויף אַ בוים; און עס איז פאַרשריבן געוואָרן אין בוך פון די צייטגעשעענישן פאַר דעם מלך.

## ג

[1] נאָך די דאָזיקע געשעענישן האָט דער מלך אַחַשוֵרוֹש געגרייסט הָמָן דעם זון פון הַמְדָתָא, דעם אֲגָגִי, און ער האָט אים דערהויבן און געשטעלט זיין שטול איבער אַלע האַרן וואָס ביי אים. [2] און אַלע קנעכט פון מלך וואָס אין מלכס טויער האָבן זיך געקניט און געבויקט צו הָמָנען, וואָרום אַזוי האָט דער מלך באַפוילן וועגן אים; נאָר מרדכי פלעגט זיך ניט קניען און ניט בוקן. [3] האָבן די קנעכט פון מלך וואָס אין מלכס טויער געזאָגט צו מרדכין: פאַרוואָס טרעטסטו איבער דעם באַפעל פון מלך? [4] און עס איז געווען, אַז זיי האָבן דאָס צו אים געזאָגט טאָג פאַר טאָג, און ער האָט ניט צוגעהערט צו זיי, אַזוי האָבן זיי דערציילט הָמָנען, כדי צו זען אויב מרדכיס ווערטער וועלן באַשטיין; וואָרום ער האָט זיי געזאָגט אַז ער איז אַ ייִד. [5] און ווי הָמָן האָט געזען אַז מרדכי קניט זיך ניט און בוקט זיך ניט צו אים, אַזוי איז הָמָן געוואָרן פול מיט גרימצאָרן. [6] און ער האָט פאַראַכט אין זיינע אויגן אויסצושטרעקן אַ האַנט אויף מרדכין אַליין; וואָרום מע האָט אים געזאָגט דאָס פאָלק פון מרדכין; נאָר הָמָן האָט געזוכט צו פאַרטיליקן אַלע יידן וואָס אין גאַנצן קיניגרייך פון אַחַשוֵרוֹשן, דאָס פאָלק פון מרדכין.

[7] אין ערשטן חודש, דאָס איז חודש ניסן, אין צוועלפטן יאָר פון מלך אַחַשוֵרוֹש, האָט מען געוואָרפן אַ פּור, דאָס איז אַ גוֹרל, פאַר הָמָנען, פון טאָג אויף טאָג, און פון חודש אויף חודש, ביז צום צוועלפטן חודש, דאָס איז חודש אֲדָר.

8 און הָמָן האָט געזאָגט צום מלך אַחַשְׁוֵרוֹש: פאַראַן
איין פאָלק, צעזייט און צעשפרייט צווישן די פעלקער אין
אַלע מדינות פון דיין קיניגרייך, און זייערע געזעצן זיינען
אַנדערש ווי ביי איטלעכן פאָלק, און די געזעצן פון מלך
טוען זיי ניט, און דעם מלך לוינט זיך ניט זיי צו לאָזן
בלייבן. 9 אויב דעם מלך איז ווױלגעפעלן, זאָל געשריבן
ווערן זיי אומצוברענגען, און איך וועל אָפּוועגן צען טויזנט
צענטנער זילבער אויף די הענט פון די ווירטשאַפטער,
אויף אַריינצוברענגען אין די שאַצקאַמערן פון מלך.
10 האָט דער מלך אַראָפּגענומען זיין זיגלרינג פון זיין האַנט,
און האָט אים געגעבן צו הָמָן דעם זון פון הַמְּדָתאָן, דעם
אַגָגי, דעם צוֹרר־היהודים. 11 און דער מלך האָט געזאָגט
צו הָמָנען: דאָס געלט ווערט דיר געשאָנקען, און אויך
דאָס פאָלק, צו טאָן מיט אים ווי עס איז גוט אין דיינע
אויגן.

12 און די שרייבער פון מלך זיינען גערופן געוואָרן
אין ערשטן חודש, אין דרייצנטן טאָג אין אים, און עס איז
געשריבן געוואָרן אַזוי ווי אַלץ וואָס הָמָן האָט באַפוילן,
צו די סאַטראַפּן פון מלך, און צו די פירשטן וואָס איבער
איטלעכער מדינה, און צו די האַרן פון איטלעכן פאָלק;
איטלעכער מדינה לויט איר כתב, און איטלעכן פאָלק
לויט זיין לשון, געשריבן אין נאָמען פון מלך אַחַשְׁוֵרוֹש,
און געחתמעט מיטן זיגלרינג פון מלך.

ח חֹדֶשׁ אֲדָר׃ וַיֹּאמֶר הָמָן לַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ יֶשְׁנוֹ
עַם־אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד בֵּין הָעַמִּים בְּכֹל מְדִינוֹת מַלְכוּתֶךָ
וְדָתֵיהֶם שֹׁנוֹת מִכָּל־עָם וְאֶת־דָּתֵי הַמֶּלֶךְ אֵינָם עֹשִׂים
ט וְלַמֶּלֶךְ אֵין־שֹׁוֶה לְהַנִּיחָם׃ אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב יִכָּתֵב
לְאַבְּדָם וַעֲשֶׂרֶת אֲלָפִים כִּכַּר־כֶּסֶף אֶשְׁקוֹל עַל־יְדֵי עֹשֵׂי
י הַמְּלָאכָה לְהָבִיא אֶל־גִּנְזֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיָּסַר הַמֶּלֶךְ אֶת־טַבַּעְתּוֹ
מֵעַל יָדוֹ וַיִּתְּנָהּ לְהָמָן בֶּן־הַמְּדָתָא הָאֲגָגִי צֹרֵר הַיְּהוּדִים׃
יא וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְהָמָן הַכֶּסֶף נָתוּן לָךְ וְהָעָם לַעֲשׂוֹת בּוֹ
יב כַּטּוֹב בְּעֵינֶיךָ׃ וַיִּקָּרְאוּ סֹפְרֵי הַמֶּלֶךְ בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן
בִּשְׁלוֹשָׁה עָשָׂר יוֹם בּוֹ וַיִּכָּתֵב כְּכָל־אֲשֶׁר־צִוָּה הָמָן אֶל
אֲחַשְׁדַּרְפְּנֵי־הַמֶּלֶךְ וְאֶל־הַפַּחוֹת אֲשֶׁר ׀ עַל־מְדִינָה וּמְדִינָה
וְאֶל־שָׂרֵי עַם וָעָם מְדִינָה וּמְדִינָה כִּכְתָבָהּ וְעַם וָעָם
כִּלְשׁוֹנוֹ בְּשֵׁם הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרֹשׁ נִכְתָּב וְנֶחְתָּם בְּטַבַּעַת
יג הַמֶּלֶךְ׃ וְנִשְׁלוֹחַ סְפָרִים בְּיַד הָרָצִים אֶל־כָּל־מְדִינוֹת
הַמֶּלֶךְ לְהַשְׁמִיד לַהֲרֹג וּלְאַבֵּד אֶת־כָּל־הַיְּהוּדִים מִנַּעַר
וְעַד־זָקֵן טַף וְנָשִׁים בְּיוֹם אֶחָד בִּשְׁלוֹשָׁה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ
יד שְׁנֵים־עָשָׂר הוּא־חֹדֶשׁ אֲדָר וּשְׁלָלָם לָבוֹז׃ פַּתְשֶׁגֶן הַכְּתָב
לְהִנָּתֵן דָּת בְּכָל־מְדִינָה וּמְדִינָה גָּלוּי לְכָל־הָעַמִּים לִהְיוֹת
טו עֲתִדִים לַיּוֹם הַזֶּה׃ הָרָצִים יָצְאוּ דְחוּפִים בִּדְבַר הַמֶּלֶךְ
וְהַדָּת נִתְּנָה בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה וְהַמֶּלֶךְ וְהָמָן יָשְׁבוּ לִשְׁתּוֹת
וְהָעִיר שׁוּשָׁן נָבוֹכָה׃

ד

א וּמָרְדֳּכַי יָדַע אֶת־כָּל־אֲשֶׁר נַעֲשָׂה וַיִּקְרַע מָרְדֳּכַי אֶת־
בְּגָדָיו וַיִּלְבַּשׁ שַׂק וָאֵפֶר וַיֵּצֵא בְּתוֹךְ הָעִיר וַיִּזְעַק זְעָקָה
ב גְדוֹלָה וּמָרָה׃ וַיָּבוֹא עַד לִפְנֵי שַׁעַר־הַמֶּלֶךְ כִּי אֵין לָבוֹא
ג אֶל־שַׁעַר הַמֶּלֶךְ בִּלְבוּשׁ שָׂק׃ וּבְכָל־מְדִינָה וּמְדִינָה מְקוֹם
אֲשֶׁר דְּבַר־הַמֶּלֶךְ וְדָתוֹ מַגִּיעַ אֵבֶל גָּדוֹל לַיְּהוּדִים וְצוֹם

ג, יב׳ קמץ בזיק   קמץ בטרחא

13 און בריוו זיינען צעשיקט געוואָרן דורך דער האַנט פון לויפערס צו אַלע מדינות פון מלך, צו פאַרטיליקן, צו הרגען, און אומצוברענגען אַלע ייִדן, פון יונג ביז אַלט, קליינע קינדער און ווייבער, אין איין טאָג, און דרייצנטן טאָג פון צוועלפטן חודש, דאָס איז חודש אֲדָר, און צו צערויבן זייער פאַרמעג. 14 דער נוסח פון דעם געשריפטס זאָל אַרויסגעגעבן ווערן פאַר אַ באַפעל אין איטלעכער מדינה, באַקאַנט געמאַכט צו אַלע פעלקער, אַז זיי זאָלן זיין אָנגעגרייט פאַר דעמדאָזיקן טאָג.

15 זיינען די לויפערס אַרויס אין גאַייל מיט דעם מלכס אָנזאָג, און דאָס געזעץ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער הויפטשטאָט שושן. און דער מלך און הָמָן האָבן זיך געזעצט טרינקען, און די שטאָט שושן איז געווען צעטומלט.

ד

1 און ווי מרדכי האָט זיך דערוווּסט אַלץ וואָס איז געשען, אַזוי האָט מרדכי צעריסן זיינע קליידער, און ער האָט אָנגעטאָן זאַק מיט אַש, און ער איז אַרויסגעגאַנגען אין מיטן שטאָט, און האָט געשריען אַ גרויס און ביטער געשריי.
2 און ער איז געקומען ביז צום מלכס טויער; וואָרום מע האָט ניט געטאָרט אַריינגיין אין מלכס טויער אין זאַק.
3 און אין איטלעכער מדינה, ווו נאָר דער אָנזאָג פון מלך און זיין באַפעל איז אָנגעקומען, איז געווען אַ גרויס טרויער

וּבְכִי וּמִסְפֵּד שַׂק וָאֵפֶר יֻצַּע לָרַבִּים׃ וַתָּבוֹאינָה נַעֲרוֹת ד
אֶסְתֵּר וְסָרִיסֶיהָ וַיַּגִּידוּ לָהּ וַתִּתְחַלְחַל הַמַּלְכָּה מְאֹד
וַתִּשְׁלַח בְּגָדִים לְהַלְבִּישׁ אֶת־מָרְדֳּכַי וּלְהָסִיר שַׂקּוֹ מֵעָלָיו
וְלֹא קִבֵּל׃ וַתִּקְרָא אֶסְתֵּר לַהֲתָךְ מִסָּרִיסֵי הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר ה
הֶעֱמִיד לְפָנֶיהָ וַתְּצַוֵּהוּ עַל־מָרְדֳּכָי לָדַעַת מַה־זֶּה וְעַל־
מַה־זֶּה׃ וַיֵּצֵא הֲתָךְ אֶל־מָרְדֳּכָי אֶל־רְחוֹב הָעִיר אֲשֶׁר ו
לִפְנֵי שַׁעַר־הַמֶּלֶךְ׃ וַיַּגֶּד־לוֹ מָרְדֳּכַי אֵת כָּל־אֲשֶׁר קָרָהוּ ז
וְאֵת ׀ פָּרָשַׁת הַכֶּסֶף אֲשֶׁר אָמַר הָמָן לִשְׁקוֹל עַל־גִּנְזֵי
הַמֶּלֶךְ בַּיְּהוּדִיִּים לְאַבְּדָם׃ וְאֶת־פַּתְשֶׁגֶן כְּתָב־הַדָּת אֲשֶׁר־ ח
נִתַּן בְּשׁוּשָׁן לְהַשְׁמִידָם נָתַן לוֹ לְהַרְאוֹת אֶת־אֶסְתֵּר וּלְהַגִּיד
לָהּ וּלְצַוּוֹת עָלֶיהָ לָבוֹא אֶל־הַמֶּלֶךְ לְהִתְחַנֶּן־לוֹ וּלְבַקֵּשׁ
מִלְּפָנָיו עַל־עַמָּהּ׃ וַיָּבוֹא הֲתָךְ וַיַּגֵּד לְאֶסְתֵּר אֵת דִּבְרֵי ט
מָרְדֳּכָי׃ וַתֹּאמֶר אֶסְתֵּר לַהֲתָךְ וַתְּצַוֵּהוּ אֶל־מָרְדֳּכָי׃ כָּל־ י יא
עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ וְעַם מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ יֹדְעִים אֲשֶׁר כָּל־אִישׁ
וְאִשָּׁה אֲשֶׁר־יָבוֹא אֶל־הַמֶּלֶךְ אֶל־הֶחָצֵר הַפְּנִימִית אֲשֶׁר
לֹא־יִקָּרֵא אַחַת דָּתוֹ לְהָמִית לְבַד מֵאֲשֶׁר יוֹשִׁיט־לוֹ הַמֶּלֶךְ
אֶת־שַׁרְבִיט הַזָּהָב וְחָיָה וַאֲנִי לֹא נִקְרֵאתִי לָבוֹא אֶל־
הַמֶּלֶךְ זֶה שְׁלוֹשִׁים יוֹם׃ וַיַּגִּידוּ לְמָרְדֳּכָי אֵת דִּבְרֵי אֶסְתֵּר׃ יב
וַיֹּאמֶר מָרְדֳּכַי לְהָשִׁיב אֶל־אֶסְתֵּר אַל־תְּדַמִּי בְנַפְשֵׁךְ יג
לְהִמָּלֵט בֵּית־הַמֶּלֶךְ מִכָּל־הַיְּהוּדִים׃ כִּי אִם־הַחֲרֵשׁ יד
תַּחֲרִישִׁי בָּעֵת הַזֹּאת רֶוַח וְהַצָּלָה יַעֲמוֹד לַיְּהוּדִים מִמָּקוֹם
אַחֵר וְאַתְּ וּבֵית־אָבִיךְ תֹּאבֵדוּ וּמִי יוֹדֵעַ אִם־לְעֵת כָּזֹאת
הִגַּעַתְּ לַמַּלְכוּת׃ וַתֹּאמֶר אֶסְתֵּר לְהָשִׁיב אֶל־מָרְדֳּכָי׃ טו
לֵךְ כְּנוֹס אֶת־כָּל־הַיְּהוּדִים הַנִּמְצְאִים בְּשׁוּשָׁן וְצוּמוּ עָלַי טז
וְאַל־תֹּאכְלוּ וְאַל־תִּשְׁתּוּ שְׁלֹשֶׁת יָמִים לַיְלָה וָיוֹם גַּם־אֲנִי
וְנַעֲרֹתַי אָצוּם כֵּן וּבְכֵן אָבוֹא אֶל־הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר לֹא־כַדָּת

ד׳ יתיר י  ז׳ יתיר י  יב׳ קמץ בז״ק

ביי ייִדן, און אַ תָּענית, און געוויין און קלאָג; זאַק און אַש האָבן פֿיל זיך אונטערגעבעט.

[4] זיינען געקומען אסתּרס מיידלעך און אירע קאַמערדינער, און האָבן איר דאָס דערציילט, און די מלכּה איז אויפֿגעציטערט געוואָרן, און זי האָט געשיקט קליידער אָנצוטאָן מרדכין, און אויסצוטאָן זיין זאַק פֿון אים, אָבער ער האָט ניט אָנגענומען. [5] האָט אסתּר גערופֿן הַתָּכן, איינעם פֿון דעם מלכס קאַמערדינער וואָס ער האָט געשטעלט פֿאַר איר, און זי האָט אים באַפֿוילן צו מרדכין, געוואָר צו ווערן וואָס דאָס איז, און פֿאַרוואָס דאָס איז.

[6] איז הַתָּך אַרויסגעגאַנגען צו מרדכין אויפֿן ברייטן פּלאַץ פֿון שטאָט וואָס פֿאַרן מלכס טויער. [7] און מרדכי האָט אים דערציילט אַלץ וואָס אים איז געשען, און דעם באַטרעף פֿון דעם זילבער וואָס הָמָן האָט צוגעזאָגט אָפּצוּוועגן אין די שאַצקאַמערן פֿון מלך פֿאַר די ייִדן, כּדי זיי אומצוברענגען. [8] אויך דעם נוסח פֿון דעם געשריבענעם באַפֿעל וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין שושן זיי צו פֿאַרטיליקן, האָט ער אים געגעבן, צו ווייזן אסתּרן, און איר דערציילן, און איר אָנזאָגן צו גיין צום מלך, צו בעטן ביי אים, און זיך שתּדלען ביי אים פֿאַר איר פֿאָלק.

[9] איז הַתָּך געקומען, און האָט דערציילט אסתּרן די ווערטער פֿון מרדכין. [10] און אסתּר האָט גערעדט צו הַתָּכן און האָט אים באַפֿוילן צו מרדכין: [11] אַלע קנעכט פֿון מלך און דאָס פֿאָלק פֿון מלכס מדינות, ווייסן אַז איטלעכער מאַן אָדער פֿרוי וואָס גייט אַריין צום מלך אין אינעווייניקסטן הויף, ווען ער ווערט ניט גערופֿן, איז פֿאַר אים בלויז איין געזעץ, טייטן, סיידן דער וואָס דער מלך שטרעקט אויס צו אים דעם גילדערנעם צעפּטער, ער בלייבט לעבן; און איך בין ניט גערופֿן געוואָרן צו קומען פֿאַרן מלך שוין דרייסיק טעג.

[12] האָט מען דערציילט מרדכין די ווערטער פֿון אסתּרן. [13] און מרדכי האָט געהייסן ענטפֿערן אסתּרן: זאָלסט ניט מיינען ביי זיך, אַז דו פֿון אַלע ייִדן וועסט אַנטרונען ווערן אין מלכס הויז. [14] וואָרום אויב שווייגן וועסטו שווייגן אין דער צייט, וועט אַ דערלייכטערונג און אַ רעטונג אויפֿשטיין פֿאַר ייִדן פֿון אַן אַנדער אָרט, און דו און דיין פֿאָטערס הויז וועלן אונטערגיין. און ווער ווייס אויב דו האָסט ניט דערגרייכט די מלוכה פֿאַר אַזאַ צייט ווי די?

[15] האָט אסתּר געהייסן ענטפֿערן מרדכין: [16] גיי זאַמל איין אַלע ייִדן וואָס געפֿינען זיך אין שושן, און פֿאַסט פֿאַר מיר, און איר זאָלט ניט עסן און ניט טרינקען דריי טעג, נאַכט און טאָג; אויך איך און מיינע מיידלעך וועלן אַזוי פֿאַסטן. און אַזוי וועל איך גיין צום מלך, וואָס איז ניט לויט געזעץ; און אַז איך וועל אונטערגיין, וועל איך אונטערגיין.

[17] איז מרדכי אַוועק, און האָט געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס אסתר האָט אים באַפוילן.

# ה

[1] און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג, האָט אסתר זיך אָנגעטאָן מַלכותדיק, און האָט זיך געשטעלט אין אינעווייניקסטן הויף פון מלכס הויז אַקעגן מלכס הויז; און דער מלך איז געזעסן אויף זיין קיניגלעכן טראָן אין קיניגלעכן הויז, אַקעגן דעם אַיינגאַנג פון הויז. [2] איז ווי דער מלך האָט דערזען אסתר המלכּה שטייענדיק אין הויף, האָט זי נוֹשׂא חן געווען אין זיינע אויגן, און דער מלך האָט אויסגעשטרעקט צו אסתּרן דעם גילדערנעם צעפּטער וואָס אין זיין האַנט, און אסתּר האָט גענענט, און האָט אָנגערירט דעם שפּיץ צעפּטער. [3] האָט דער מלך צו איר געזאָגט: וואָס איז דיר, אסתּר המלכּה? און וואָס איז דיין בקשה? אַפילו ביז אַ האַלבער מלוכה זאָל דיר געגעבן ווערן. [4] האָט אסתּר געזאָגט: אויב דעם מלך איז ווויל־געפעלן, זאָל דער מלך און הָמָן קומען היינט צו דעם מאָלצייט וואָס איך האָב פאַר אים געמאַכט. [5] האָט דער מלך געזאָגט: איילט אַהער הָמָנען, צו טאָן דאָס וואָרט פון אסתּרן.

און דער מלך און הָמָן זיינען געקומען צו דעם מאָלצייט וואָס אסתּר האָט געמאַכט. [6] און דער מלך האָט געזאָגט צו אסתּרן אויף דעם ווייַנמאָלצייט: וואָס נאָר דיין פאַרלאַנג, וועט דיר געגעבן ווערן, און וואָס נאָר דיין בקשה, אַפילו ביז אַ האַלבער מלוכה וועט געטאָן ווערן. [7] האָט אסתּר געענטפערט און האָט געזאָגט: מיין פאַרלאַנג און מיין בקשה— [8] אויב איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין די אויגן פון מלך, און אויב דעם מלך איז ווויל־געפעלן צו געבן מיין פאַרלאַנג און צו טאָן מיין בקשה—זאָל דער מלך און הָמָן קומען צו דעם מאָלצייט וואָס איך וועל זיי מאַכן; און מאָרגן וועל איך טאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון מלך.

[9] און הָמָן איז אַרויסגעגאַנגען אין יענעם טאָג פריילעך און מיט אַן אויפגעראַמטן האַרצן. אָבער ווי הָמָן האָט געזען מרדכין אין טויער פון מלך, אַז ניט ער האָט זיך אויפגעשטעלט און ניט ער האָט זיך גערירט פאַר אים, אַזוי איז הָמָן פול געוואָרן מיט גרימצאָרן אויף מרדכין. [10] אָבער הָמָן האָט זיך איינגעהאַלטן, און ער איז אַוועק אין זיין הויז און האָט געשיקט און געבראַכט זיינע גוטע פריינט, און זיין ווייב זֶרֶש. [11] און הָמָן האָט אויסדערציילט פאַר זיי זיין גרויס עשירות, און זיינע פיל קינדער, און אַלצדינג ווי אַזוי דער מלך האָט אים געגרייסט, און ווי אַזוי ער האָט אים דערהויבן איבער די האַרן און די קנעכט פון מלך. [12] און הָמָן האָט געזאָגט: אויך האָט אסתּר המלכּה ניט געלאָזט קומען קיינעם מיטן מלך צו דעם מאָלצייט וואָס זי האָט געמאַכט נאָר בלויז מיך, און אויך אויף מאָרגן בין איך פאַרבעטן צו איר

יז וְכַאֲשֶׁר אָבַדְתִּי אָבָדְתִּי׃ וַיַּעֲבֹר מָרְדֳּכָי וַיַּעַשׂ כְּכֹל אֲשֶׁר־
צִוְּתָה עָלָיו אֶסְתֵּר׃

ה

א וַיְהִי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וַתִּלְבַּשׁ אֶסְתֵּר מַלְכוּת וַתַּעֲמֹד בַּחֲצַר
בֵּית־הַמֶּלֶךְ הַפְּנִימִית נֹכַח בֵּית הַמֶּלֶךְ וְהַמֶּלֶךְ יוֹשֵׁב עַל־
ב כִּסֵּא מַלְכוּתוֹ בְּבֵית הַמַּלְכוּת נֹכַח פֶּתַח הַבָּיִת׃ וַיְהִי
כִרְאוֹת הַמֶּלֶךְ אֶת־אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה עֹמֶדֶת בֶּחָצֵר נָשְׂאָה
חֵן בְּעֵינָיו וַיּוֹשֶׁט הַמֶּלֶךְ לְאֶסְתֵּר אֶת־שַׁרְבִיט הַזָּהָב אֲשֶׁר
ג בְּיָדוֹ וַתִּקְרַב אֶסְתֵּר וַתִּגַּע בְּרֹאשׁ הַשַּׁרְבִיט׃ וַיֹּאמֶר לָהּ
הַמֶּלֶךְ מַה־לָּךְ אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וּמַה־בַּקָּשָׁתֵךְ עַד־חֲצִי
ד הַמַּלְכוּת וְיִנָּתֵן לָךְ׃ וַתֹּאמֶר אֶסְתֵּר אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב
יָבוֹא הַמֶּלֶךְ וְהָמָן הַיּוֹם אֶל־הַמִּשְׁתֶּה אֲשֶׁר־עָשִׂיתִי לוֹ׃
ה וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ מַהֲרוּ אֶת־הָמָן לַעֲשׂוֹת אֶת־דְּבַר אֶסְתֵּר
וַיָּבֹא הַמֶּלֶךְ וְהָמָן אֶל־הַמִּשְׁתֶּה אֲשֶׁר־עָשְׂתָה אֶסְתֵּר׃
ו וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְאֶסְתֵּר בְּמִשְׁתֵּה הַיַּיִן מַה־שְּׁאֵלָתֵךְ וְיִנָּתֵן
ז לָךְ וּמַה־בַּקָּשָׁתֵךְ עַד־חֲצִי הַמַּלְכוּת וְתֵעָשׂ׃ ° וַתַּעַן
ח אֶסְתֵּר וַתֹּאמַר שְׁאֵלָתִי וּבַקָּשָׁתִי׃ אִם־מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֵי
הַמֶּלֶךְ וְאִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב לָתֵת אֶת־שְׁאֵלָתִי וְלַעֲשׂוֹת
אֶת־בַּקָּשָׁתִי יָבוֹא הַמֶּלֶךְ וְהָמָן אֶל־הַמִּשְׁתֶּה אֲשֶׁר אֶעֱשֶׂה
ט לָהֶם וּמָחָר אֶעֱשֶׂה כִּדְבַר הַמֶּלֶךְ׃ וַיֵּצֵא הָמָן בַּיּוֹם הַהוּא
שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב וְכִרְאוֹת הָמָן אֶת־מָרְדֳּכַי בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ
וְלֹא־קָם וְלֹא־זָע מִמֶּנּוּ וַיִּמָּלֵא הָמָן עַל־מָרְדֳּכַי חֵמָה׃
י וַיִּתְאַפַּק הָמָן וַיָּבוֹא אֶל־בֵּיתוֹ וַיִּשְׁלַח וַיָּבֵא אֶת־אֹהֲבָיו
יא וְאֶת־זֶרֶשׁ אִשְׁתּוֹ׃ וַיְסַפֵּר לָהֶם הָמָן אֶת־כְּבוֹד עָשְׁרוֹ
וְרֹב בָּנָיו וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר גִּדְּלוֹ הַמֶּלֶךְ וְאֵת אֲשֶׁר נִשְּׂאוֹ
יב עַל־הַשָּׂרִים וְעַבְדֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר הָמָן אַף לֹא־הֵבִיאָה
אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה עִם־הַמֶּלֶךְ אֶל־הַמִּשְׁתֶּה אֲשֶׁר־עָשָׂתָה

ה, ז׳ חצי הספר בפסוקים    יב׳ קמץ בטרחא

יג כִּי אִם־אוֹתִי וְגַם־לְמָחָר אֲנִי קְרוּא־לָהּ עִם־הַמֶּלֶךְ׃ וְכָל־
זֶה אֵינֶנּוּ שֹׁוֶה לִי בְּכָל־עֵת אֲשֶׁר אֲנִי רֹאֶה אֶת־מָרְדֳּכַי
יד הַיְּהוּדִי יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ׃ וַתֹּאמֶר לוֹ זֶרֶשׁ אִשְׁתּוֹ וְכָל־
אֹהֲבָיו יַעֲשׂוּ עֵץ גָּבֹהַּ חֲמִשִּׁים אַמָּה וּבַבֹּקֶר ׀ אֱמֹר לַמֶּלֶךְ
וְיִתְלוּ אֶת־מָרְדֳּכַי עָלָיו וּבֹא עִם־הַמֶּלֶךְ אֶל־הַמִּשְׁתֶּה שָׂמֵחַ
וַיִּיטַב הַדָּבָר לִפְנֵי הָמָן וַיַּעַשׂ הָעֵץ׃

ו

א בַּלַּיְלָה הַהוּא נָדְדָה שְׁנַת הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר לְהָבִיא אֶת־
סֵפֶר הַזִּכְרֹנוֹת דִּבְרֵי הַיָּמִים וַיִּהְיוּ נִקְרָאִים לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃
ב וַיִּמָּצֵא כָתוּב אֲשֶׁר הִגִּיד מָרְדֳּכַי עַל־בִּגְתָנָא וָתֶרֶשׁ שְׁנֵי
סָרִיסֵי הַמֶּלֶךְ מִשֹּׁמְרֵי הַסַּף אֲשֶׁר בִּקְשׁוּ לִשְׁלֹחַ יָד בַּמֶּלֶךְ
ג אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ מַה־נַּעֲשָׂה יְקָר וּגְדוּלָּה
לְמָרְדֳּכַי עַל־זֶה וַיֹּאמְרוּ נַעֲרֵי הַמֶּלֶךְ מְשָׁרְתָיו לֹא־נַעֲשָׂה
ד עִמּוֹ דָּבָר׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ מִי בֶחָצֵר וְהָמָן בָּא לַחֲצַר
בֵּית־הַמֶּלֶךְ הַחִיצוֹנָה לֵאמֹר לַמֶּלֶךְ לִתְלוֹת אֶת־מָרְדֳּכַי
ה עַל־הָעֵץ אֲשֶׁר־הֵכִין לוֹ׃ וַיֹּאמְרוּ נַעֲרֵי הַמֶּלֶךְ אֵלָיו הִנֵּה
ו הָמָן עֹמֵד בֶּחָצֵר וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ יָבוֹא׃ וַיָּבוֹא הָמָן וַיֹּאמֶר
לוֹ הַמֶּלֶךְ מַה־לַּעֲשׂוֹת בָּאִישׁ אֲשֶׁר הַמֶּלֶךְ חָפֵץ בִּיקָרוֹ
וַיֹּאמֶר הָמָן בְּלִבּוֹ לְמִי יַחְפֹּץ הַמֶּלֶךְ לַעֲשׂוֹת יְקָר יוֹתֵר
ז מִמֶּנִּי׃ וַיֹּאמֶר הָמָן אֶל־הַמֶּלֶךְ אִישׁ אֲשֶׁר הַמֶּלֶךְ חָפֵץ
ח בִּיקָרוֹ׃ יָבִיאוּ לְבוּשׁ מַלְכוּת אֲשֶׁר לָבַשׁ־בּוֹ הַמֶּלֶךְ
וְסוּס אֲשֶׁר רָכַב עָלָיו הַמֶּלֶךְ וַאֲשֶׁר נִתַּן כֶּתֶר מַלְכוּת
ט בְּרֹאשׁוֹ׃ וְנָתוֹן הַלְּבוּשׁ וְהַסּוּס עַל־יַד־אִישׁ מִשָּׂרֵי הַמֶּלֶךְ
הַפַּרְתְּמִים וְהִלְבִּשׁוּ אֶת־הָאִישׁ אֲשֶׁר הַמֶּלֶךְ חָפֵץ בִּיקָרוֹ
וְהִרְכִּיבֻהוּ עַל־הַסּוּס בִּרְחוֹב הָעִיר וְקָרְאוּ לְפָנָיו כָּכָה
י יֵעָשֶׂה לָאִישׁ אֲשֶׁר הַמֶּלֶךְ חָפֵץ בִּיקָרוֹ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ

---

ו, ב׳ פתח באתנח ג׳ שורק עם הדגש

מיטן מלך. [13] אָבער דאָס אַלץ איז מיר נישט ווערט, איטלעכס מאָל וואָס איך זע מרדכי דעם ייִדן זיצן אין טויער פון מלך. [14] האָט צו אים געזאָגט זיין ווייב זֶרֶש, און אַלע זיינע גוטע פריינט: זאָל מען מאַכן אַ תּלִיָה פופציק איילן הויך, און אין דער פרי זאָג דעם מלך, מע זאָל אויפהענגען אויף איר מרדכין; און גיי אַ פריילעכער מיט דעם מלך צום מאָלצייט. איז די זאַך געפעלן פאַר הָמָנען, און ער האָט געמאַכט די תּלִיָה.

ו [1] אין יענער נאַכט האָט זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף פון מלך, און ער האָט געהייסן ברענגען דעם ספר־הזכרונות פון די צייט געשעענישן, און זיי זיינען פאָרגע־לייענט געוואָרן פאַרן מלך. [2] איז געפונען געוואָרן פאַר־שריבן אַז מרדכי האָט אויסגעזאָגט אויף בִּגתָנאָ און תֶּרֶש, די צוויי קאַמערדינער פון מלך, פון די שוועלהיטער, וואָס האָבן געוועכט אויסצושטרעקן אַ האַנט אויפן מלך אַחַשוֵרוֹש. [3] האָט דער מלך געזאָגט: וואָס פאַר אַ כּבוד און גדולה איז געטאָן געוואָרן מרדכין דערפאַר? האָבן געזאָגט די יונגען פון מלך, זיינע משָרתים: קיין זאַך איז מיט אים ניט געטאָן געוואָרן. [4] האָט דער מלך געזאָגט: ווער איז אין הויף? ערשט הָמָן קומט אין אויסנווייניקסטן הויף פון דעם מלכס הויז, צו זאָגן דעם מלך, מע זאָל אויפהענגען מרדכין אויף דער תּלִיָה וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר אים. [5] האָבן די יונגען פון מלך צו אים געזאָגט: אָן שטייט הָמָן אין הויף. האָט דער מלך געזאָגט: זאָל ער אַריינקומען. [6] איז הָמָן אַריינגעקומען, און דער מלך האָט צו אים געזאָגט: וואָס דאַרף מען טאָן מיט אַ מאַן וואָס דער מלך וויל אים אָנטאָן כּבוד? האָט הָמָן געקלערט ביי זיך אין האַרצן: וועמען וועט דער מלך וועלן אָנטאָן כּבוד אַחוץ מיר? [7] און הָמָן האָט געזאָגט צום מלך: אַ מאַן וואָס דער מלך וויל אים אָנטאָן כּבוד — [8] זאָל מען ברענגען אַ מַלכותדיק קלייד וואָס דער מלך האָט זיך דערין אָנגעקליידט, און אַ פערד וואָס דער מלך איז אויף אים געריטן, און וואָס אַ מַלכותדיקע קרוין איז אָנגעטאָן געוואָרן אויף זיין קאָפּ. [9] און מע זאָל געבן דאָס קלייד און דעם פערד אויף דער האַנט פון איינעם פון די האַרן פון מלך, די אַדללייט, און מע זאָל אָנקליידן דעם מאַן וואָס דער מלך וויל אים אָנטאָן כּבוד, און מע זאָל אים מאַכן רייטן אויפן פערד דורך דער ברייטער גאַס פון שטאָט, און אויסרופן פאַר אים: אַזוי ווערט געטאָן צו דעם מאַן וואָס דער מלך וויל אים אָנטאָן כּבוד. [10] האָט דער מלך געזאָגט צו הָמָנען: איל און נעם דאָס קלייד און דעם פערד, אַזוי ווי דו האָסט גערעדט, און טו

אַזוי צו מרדכי דעם ייִדן וואָס זיצט אין מלכס טויער;
זאָלסט ניט לאָזן אָפּפאַלן אַ וואָרט פון אַלץ וואָס דו האָסט
גערעדט.

11 האָט הָמָן גענומען דאָס קלייד און דעם פערד,
און ער האָט אָנגעקליידט מרדכין, און האָט אים געמאַכט
רייטן דורך דער ברייטער גאַס פון שטאָט, און האָט פאַר
אים אויסגערופן: אַזוי ווערט געטאָן צו דעם מאַן וואָס
דער מלך וויל אים אָנטאָן כבוד.

12 און מרדכי האָט זיך אומגעקערט צום טויער פון
מלך. אָבער הָמָן איז אַוועק אין האַסט אַהיים, טרויעריק
און מיט אַ פאַרדעקטן קאָפּ. 13 און הָמָן האָט דערציילט
זיין ווייב זֶרֶש און אַלע זיינע גוטע פריינט אַלץ וואָס אים
האָט געטראָפן. האָבן זיינע קלוגע לייט און זיין ווייב
זֶרֶש געזאָגט צו אים: אויב פון ייִדישן אָפּשטאַם איז דער
מרדכי וואָס דו האָסט אָנגעהויבן פאַלן פאַר אים, וועסטו
ניט אויספירן אַקעגן אים, נאָר פאַלן וועסטו פאַלן פאַר
אים.

14 ווי זיי רעדן נאָך מיט אים, אַזוי זיינען אָנגעקומען
דעם מלכס קאַמערדינער, און געאיילט צו ברענגען הָמָנען
צו דעם מאָלצייט וואָס אסתר האָט געמאַכט.

לְהָמָן מַהֵר קַח אֶת־הַלְּבוּשׁ וְאֶת־הַסּוּס כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ
וַעֲשֵׂה־כֵן לְמָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי הַיּוֹשֵׁב בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ אַל־
יא תַּפֵּל דָּבָר מִכֹּל אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ׃ וַיִּקַּח הָמָן אֶת־הַלְּבוּשׁ
וְאֶת־הַסּוּס וַיַּלְבֵּשׁ אֶת־מָרְדֳּכָי וַיַּרְכִּיבֵהוּ בִּרְחוֹב הָעִיר
וַיִּקְרָא לְפָנָיו כָּכָה יֵעָשֶׂה לָאִישׁ אֲשֶׁר הַמֶּלֶךְ חָפֵץ בִּיקָרוֹ׃
יב וַיָּשָׁב מָרְדֳּכַי אֶל־שַׁעַר הַמֶּלֶךְ וְהָמָן נִדְחַף אֶל־בֵּיתוֹ אָבֵל
יג וַחֲפוּי רֹאשׁ׃ וַיְסַפֵּר הָמָן לְזֶרֶשׁ אִשְׁתּוֹ וּלְכָל־אֹהֲבָיו
אֵת כָּל־אֲשֶׁר קָרָהוּ וַיֹּאמְרוּ לוֹ חֲכָמָיו וְזֶרֶשׁ אִשְׁתּוֹ אִם
מִזֶּרַע הַיְּהוּדִים מָרְדֳּכַי אֲשֶׁר הַחִלּוֹתָ לִנְפֹּל לְפָנָיו לֹא־
יד תוּכַל לוֹ כִּי־נָפוֹל תִּפּוֹל לְפָנָיו׃ עוֹדָם מְדַבְּרִים עִמּוֹ
וְסָרִיסֵי הַמֶּלֶךְ הִגִּיעוּ וַיַּבְהִלוּ לְהָבִיא אֶת־הָמָן אֶל־הַמִּשְׁתֶּה
אֲשֶׁר־עָשְׂתָה אֶסְתֵּר׃

ז

א ב וַיָּבֹא הַמֶּלֶךְ וְהָמָן לִשְׁתּוֹת עִם־אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה׃ וַיֹּאמֶר
הַמֶּלֶךְ לְאֶסְתֵּר גַּם בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי בְּמִשְׁתֵּה הַיַּיִן מַה־שְּׁאֵלָתֵךְ
אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וְתִנָּתֵן לָךְ וּמַה־בַּקָּשָׁתֵךְ עַד־חֲצִי הַמַּלְכוּת
ג וְתֵעָשׂ׃ וַתַּעַן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וַתֹּאמַר אִם־מָצָאתִי חֵן
בְּעֵינֶיךָ הַמֶּלֶךְ וְאִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב תִּנָּתֶן־לִי נַפְשִׁי
ד בִּשְׁאֵלָתִי וְעַמִּי בְּבַקָּשָׁתִי׃ כִּי נִמְכַּרְנוּ אֲנִי וְעַמִּי לְהַשְׁמִיד
לַהֲרוֹג וּלְאַבֵּד וְאִלּוּ לַעֲבָדִים וְלִשְׁפָחוֹת נִמְכַּרְנוּ הֶחֱרַשְׁתִּי
ה כִּי אֵין הַצָּר שֹׁוֶה בְּנֵזֶק הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ וַיֹּאמֶר לְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה מִי הוּא זֶה וְאֵי־זֶה
ו הוּא אֲשֶׁר־מְלָאוֹ לִבּוֹ לַעֲשׂוֹת כֵּן׃ וַתֹּאמֶר אֶסְתֵּר אִישׁ
צַר וְאוֹיֵב הָמָן הָרָע הַזֶּה וְהָמָן נִבְעַת מִלִּפְנֵי הַמֶּלֶךְ
ז וְהַמַּלְכָּה׃ וְהַמֶּלֶךְ קָם בַּחֲמָתוֹ מִמִּשְׁתֵּה הַיַּיִן אֶל־גִּנַּת
הַבִּיתָן וְהָמָן עָמַד לְבַקֵּשׁ עַל־נַפְשׁוֹ מֵאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה כִּי
ח רָאָה כִּי־כָלְתָה אֵלָיו הָרָעָה מֵאֵת הַמֶּלֶךְ׃ וְהַמֶּלֶךְ שָׁב

ו, יג׳ הל׳ דגושה   ז, ו׳ קמץ בז״ק

ז 1 און דער מלך און הָמָן זיינען געקומען צו טרינקען ביי אסתר המלכה. 2 און דער מלך האָט געזאָגט צו אסתרן אויך אויפן צווייטן טאָג, ביים ווייןמאָלצייט: וואָס נאָר דיין פאַרלאַנג, אסתר המלכה, וועט דיר געגעבן ווערן, און וואָס נאָר דיין בקשה, אַפילו ביז אַ האַלבער מלוכה וועט געטאָן ווערן.

3 האָט אסתר המלכה געענטפערט און האָט געזאָגט: אויב איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, מלך, און אויב דעם מלך איז ווילגעפעלן, זאָל מיר מיין לעבן געשאָנקען ווערן אויף מיין געבעט, און מיין פאָלק אויף מיין בקשה. 4 וואָרום מיר זיינען פאַרקויפט געוואָרן, איך און מיין פאָלק, צום פאַרטיליקן, צום הרגען, און אומצוברענגען; און ווען מיר וואָלטן פאַרקויפט געוואָרן פאַר קנעכט און פאַר דינסטן וואָלט איך געשוויגן, אָבער דער פיינט איז ניט ווערט דעם מלכס שאָדן. 5 האָט זיך אָפּגערופן דער מלך אַחַשְוֵרוֹש, און האָט געזאָגט צו אסתר המלכה: ווער איז דער, און ווו איז דער, וואָס זיין האַרץ האָט אים דערוועגט אַזוי וואָס צו טאָן? 6 האָט אסתר געזאָגט: אַ מאַן אַ צורר און אַ פיינט, דערדאָזיקער בייזער הָמָן. און הָמָן האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם מלך און דער מלכה. 7 און דער מלך איז אויפגעשטאַנען אין זיין גרימצאָרן פון דעם ווייןמאָלצייט, און איז אַריין אין דעם פּאַלאַצגאָרטן; און הָמָן האָט זיך אָפּגעשטעלט צו בעטן אום זיין לעבן ביי אסתר המלכה, וואָרום ער האָט געזען אַז בייז איז באַשלאָסן אויף אים פון מלך. 8 און ווי דער

מִגִּנַּת הַבִּיתָן אֶל־בֵּית ׀ מִשְׁתֵּה הַיַּיִן וְהָמָן נֹפֵל עַל־הַמִּטָּה
אֲשֶׁר אֶסְתֵּר עָלֶיהָ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ הֲגַם לִכְבּוֹשׁ אֶת־
הַמַּלְכָּה עִמִּי בַּבָּיִת הַדָּבָר יָצָא מִפִּי הַמֶּלֶךְ וּפְנֵי הָמָן חָפוּ׃
ט וַיֹּאמֶר חַרְבוֹנָה אֶחָד מִן־הַסָּרִיסִים לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ גַּם הִנֵּה־
הָעֵץ אֲשֶׁר־עָשָׂה הָמָן לְמָרְדֳּכַי אֲשֶׁר דִּבֶּר־טוֹב עַל־הַמֶּלֶךְ
עֹמֵד בְּבֵית הָמָן גָּבֹהַּ חֲמִשִּׁים אַמָּה וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ תְּלֻהוּ
י עָלָיו׃ וַיִּתְלוּ אֶת־הָמָן עַל־הָעֵץ אֲשֶׁר־הֵכִין לְמָרְדֳּכָי וַחֲמַת
הַמֶּלֶךְ שָׁכָכָה׃

ח

א בַּיּוֹם הַהוּא נָתַן הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ לְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה אֶת־
בֵּית הָמָן צֹרֵר הַיְּהוּדִיִּים וּמָרְדֳּכַי בָּא לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ כִּי־
ב הִגִּידָה אֶסְתֵּר מַה הוּא־לָהּ׃ וַיָּסַר הַמֶּלֶךְ אֶת־טַבַּעְתּוֹ
אֲשֶׁר הֶעֱבִיר מֵהָמָן וַיִּתְּנָהּ לְמָרְדֳּכָי וַתָּשֶׂם אֶסְתֵּר אֶת־
ג מָרְדֳּכַי עַל־בֵּית הָמָן׃ וַתּוֹסֶף אֶסְתֵּר וַתְּדַבֵּר לִפְנֵי
הַמֶּלֶךְ וַתִּפֹּל לִפְנֵי רַגְלָיו וַתֵּבְךְּ וַתִּתְחַנֶּן־לוֹ לְהַעֲבִיר אֶת־
רָעַת הָמָן הָאֲגָגִי וְאֵת מַחֲשַׁבְתּוֹ אֲשֶׁר חָשַׁב עַל־הַיְּהוּדִים׃
ד וַיּוֹשֶׁט הַמֶּלֶךְ לְאֶסְתֵּר אֵת שַׁרְבִט הַזָּהָב וַתָּקָם אֶסְתֵּר
ה וַתַּעֲמֹד לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַתֹּאמֶר אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב וְאִם־
מָצָאתִי חֵן לְפָנָיו וְכָשֵׁר הַדָּבָר לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וְטוֹבָה אֲנִי
בְּעֵינָיו יִכָּתֵב לְהָשִׁיב אֶת־הַסְּפָרִים מַחֲשֶׁבֶת הָמָן בֶּן־
הַמְּדָתָא הָאֲגָגִי אֲשֶׁר כָּתַב לְאַבֵּד אֶת־הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר
ו בְּכָל־מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ׃ כִּי אֵיכָכָה אוּכַל וְרָאִיתִי בָּרָעָה
אֲשֶׁר־יִמְצָא אֶת־עַמִּי וְאֵיכָכָה אוּכַל וְרָאִיתִי בְּאָבְדַן
ז מוֹלַדְתִּי׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרֹשׁ לְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה
וּלְמָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי הִנֵּה בֵית־הָמָן נָתַתִּי לְאֶסְתֵּר וְאֹתוֹ
ח תָּלוּ עַל־הָעֵץ עַל אֲשֶׁר־שָׁלַח יָדוֹ בַּיְּהוּדִיִּים׃ וְאַתֶּם
כִּתְבוּ עַל־הַיְּהוּדִים כַּטּוֹב בְּעֵינֵיכֶם בְּשֵׁם הַמֶּלֶךְ וְהִתְמוּ

ח, א׳ יתיר י ו׳ מלרע ז׳ יתיר י

מלך האָט זיך אומגעקערט פון דעם פּאַלאַצגאָרטן אין הויז פון דעם ווייןמאָלצייט, ערשט המָן ליגט אַנידערגעפאַלן אויף דעם לענבעטל וואָס אסתּר איז דערויף. האָט דער מלך געזאָגט: נאָך באַצווינגען די מלכּה בײַ מיר אין הויז? ווי דאָס וואָרט איז אַרױס פון מלכס מויל, אַזוי האָט מען צוגעדעקט המָנס פּנים.

[9] האָט געזאָגט חַרבוֹנָה, איינער פון די קאַמערדינער פאַרן מלך: אָט שטייט אויך לעבן המָנס הויז די תּלִיָה פופציק איילן הויך וואָס המָן האָט געמאַכט פאַר מרדכין, דעם וואָס האָט גערעדט צום גוטן פון מלך. האָט דער מלך געזאָגט: הענגט אים אויף דערויף. [10] האָט מען אויפגעהאַנגען המָנען אויף דער תּלִיָה וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר מרדכין, און דער גרימצאָרן פון מלך האָט זיך געשטילט.

ח [1] אין יענעם טאָג האָט דער מלך אַחשוַרוֹש אַוועקגעגעבן צו אסתּר המלכּה דאָס הויז פון המָן דעם צוֹרר־היהודים. און מרדכי איז געקומען פאַרן מלך, וואָרום אסתּר האָט אים דערציילט, וואָס ער איז איר ער. [2] און דער מלך האָט אַראָפּגענומען זײַן זיגלרינג וואָס ער האָט אַוועקגענומען פון המָנען, און האָט אים געגעבן מרדכין; און אסתּר האָט אויפגעזעצט מרדכין איבער המָנס הויז.

[3] און אסתּר האָט ווידער גערעדט פאַרן מלך, און זי איז געפאַלן פאַר זײַנע פיס, און האָט געוויינט און געבעטן בײַ אים, אָפּצוטאָן דאָס בייז פון המָן דעם אַגָגי, און זײַן טראַכטונג וואָס ער האָט געטראַכט אַקעגן די ייִדן. [4] האָט דער מלך אויסגעשטרעקט צו אסתּרן דעם גילדערנעם צעפּטער, און אסתּר האָט זיך אויפגעהויבן און האָט זיך געשטעלט פאַרן מלך. [5] און זי האָט געזאָגט: אויב דעם מלך איז ווױלגעפעלן, און אויב איך האָב געפונען לײַטזעליקייט פאַר אים, און די זאַך איז רעכט פאַרן מלך, און איך בין ווױלגעפעלן אין זײַנע אויגן, זאָל געשריבן ווערן אָפּצורופן די בריוו, די טראַכטונג פון המָן דעם זון פון המדָתאָן, דעם אַגָגי, וואָס ער האָט געשריבן אומצוברענגען די ייִדן אין אַלע מדינות פון מלך. [6] וואָרום ווי וועל איך קענען צוזען דאָס בייז וואָס וועט טרעפן מײַן פאָלק? און ווי וועל איך קענען צוזען דעם אונטערגאַנג פון מײַן אָפּשטאַם?

[7] האָט דער מלך אַחשוַרוֹש געזאָגט צו אסתּר המלכּה און צו מרדכי דעם ייִדן: זעט, המָנס הויז האָב איך אַוועקגעגעבן צו אסתּרן, און אים האָט מען אויפגעהאַנגען אויף דער תּלִיָה, פאַרוואָס ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט אויף די ייִדן. [8] און איר, שרײַבט וועגן די ייִדן, אַזוי ווי עס איז גוט אין אײַערע אויגן, אין נאָמען פון מלך, און חתמעט

אונטער מיט דעם זיגלרינג פון מלך, וואָרום אַ געשריפטס
וואָס איז געשריבן אין נאָמען פון מלך, און געחתמעט מיטן
זיגלרינג פון מלך, איז ניט אָפּצורופן.

9 זיינען גערופן געוואָרן די שרייבער פון מלך אין
יענער צייט, אין דריטן חודש, דאָס איז חודש סיון, אין
דריי און צוואַנציקסטן טאָג אין אים; און עס איז געשריבן
געוואָרן אַזוי ווי אַלץ וואָס מרדכי האָט באַפוילן, צו די
ייִדן, און צו די סאַטראַפּן, און די פירשטן, און די האַרן פון
די מדינות וואָס פון הודו ביז כוש, הונדערט און זיבן און
צוואַנציק מדינות; איטלעכער מדינה לויט איר כתב, און
איטלעכן פאָלק לויט זיין לשון, און צו די ייִדן לויט זייער
כתב און לויט זייער לשון. 10 און מע האָט געשריבן אין
נאָמען פון מלך אַחַשׁוֵרוֹשׁ, און געחתמעט מיטן זיגלרינג
פון מלך, און צעשיקט בריוו דורך דער האַנט פון די
לויפערס אויף פערד, רייטער אויף יאָגפערד פון די
קיניגלעכע סטאַדעס, 11 אַז דער מלך האָט דערלויבט
די ייִדן וואָס אין איטלעכער שטאָט, זיך איינצוזאַמלען,
און זיך צו שטעלן פאַר זייער לעבן, צו פאַרטיליקן, צו
הרגען, און אומצוברענגען יעטוועדער חיל פון דעם פאָלק
און דער מדינה וואָס וועלן באַפאַלן זיי מיט די קליינע
קינדער און די ווייבער, און צו צערויבן זייער פאַרמעג,
12 אין איין טאָג אין אַלע מדינות פון מלך אַחַשׁוֵרוֹשׁ, אין דרייצנטן טאָג פון צוועלפטן חודש, דאָס איז חודש אָדָר.
13 דער נוסח פון דעם געשריפטס זאָל אַרויסגעגעבן ווערן פאַר אַ באַפעל אין איטלעכער מדינה, באַקאַנט געמאַכט
פאַר אַלע פעלקער, און די ייִדן זאָלן זיין אָנגעברייט פאַר דעמדאָזיקן טאָג זיך נוקם צו זיין אָן זייערע פיינט.
14 זיינען די לויפערס, די רייטערס אויף יאָגפערד, אַרויס אין האַסט און געאייל אויף דעם אָנזאָג פון מלך, און
דער באַפעל איז אַרוסגעגעבן געוואָרן אין דער הויפּטשטאָט שושן. 15 און מרדכי איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַרן מלך אין
בִּגדֵי־מַלכות פון בלאָען און ווייסן, מיט אַ גרויסער גילדערנער קרוין, און אַ מאַנטל פון פיינליינען און פורפּל. און די
שטאָט שושן האָט געהילכט און זיך געפרייט. 16 ביי די ייִדן איז געווען אַ ליכטיקייט און אַ שמחה און אַ פרייד און אַ גדולה.
17 און אין איטלעכער מדינה און אין איטלעכער שטאָט, וווּ נאָר דער אָנזאָג פון מלך און זיין באַפעל איז אָנגעקומען, איז
געווען ששׂוןושמחה ביי ייִדן, אַ סעודה און אַ יום־טוב. און פיל פון די פעלקער פון לאַנד האָבן זיך אויסגעגעבן פאַר
ייִדן, ווייל די מורא פאַר ייִדן איז געפאַלן אויף זיי.

בְּטַבַּעַת הַמֶּלֶךְ כִּי־כְתָב אֲשֶׁר־נִכְתָּב בְּשֵׁם־הַמֶּלֶךְ וְנַחְתּוֹם
ט בְּטַבַּעַת הַמֶּלֶךְ אֵין לְהָשִׁיב׃ וַיִּקָּרְאוּ סֹפְרֵי־הַמֶּלֶךְ בָּעֵת־
הַהִיא בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי הוּא־חֹדֶשׁ סִיוָן בִּשְׁלוֹשָׁה
וְעֶשְׂרִים בּוֹ וַיִּכָּתֵב כְּכָל־אֲשֶׁר־צִוָּה מָרְדֳּכַי אֶל־
הַיְּהוּדִים וְאֶל הָאֲחַשְׁדַּרְפְּנִים וְהַפַּחוֹת וְשָׂרֵי הַמְּדִינוֹת
אֲשֶׁר ׀ מֵהֹדּוּ וְעַד־כּוּשׁ שֶׁבַע וְעֶשְׂרִים וּמֵאָה מְדִינָה
מְדִינָה וּמְדִינָה כִּכְתָבָהּ וְעַם וָעָם כִּלְשֹׁנוֹ וְאֶל־הַיְּהוּדִים
י כִּכְתָבָם וְכִלְשׁוֹנָם׃ וַיִּכְתֹּב בְּשֵׁם הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרֹשׁ וַיַּחְתֹּם
בְּטַבַּעַת הַמֶּלֶךְ וַיִּשְׁלַח סְפָרִים בְּיַד הָרָצִים בַּסּוּסִים
יא רֹכְבֵי הָרֶכֶשׁ הָאֲחַשְׁתְּרָנִים בְּנֵי הָרַמָּכִים׃ אֲשֶׁר נָתַן
הַמֶּלֶךְ לַיְּהוּדִים ׀ אֲשֶׁר ׀ בְּכָל־עִיר וָעִיר לְהִקָּהֵל וְלַעֲמֹד
עַל־נַפְשָׁם לְהַשְׁמִיד וְלַהֲרֹג וּלְאַבֵּד אֶת־כָּל־חֵיל עַם
יב וּמְדִינָה הַצָּרִים אֹתָם טַף וְנָשִׁים וּשְׁלָלָם לָבוֹז׃ בְּיוֹם
אֶחָד בְּכָל־מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ בִּשְׁלוֹשָׁה עָשָׂר
יג לְחֹדֶשׁ שְׁנֵים־עָשָׂר הוּא־חֹדֶשׁ אֲדָר׃ פַּתְשֶׁגֶן הַכְּתָב
לְהִנָּתֵן דָּת בְּכָל־מְדִינָה וּמְדִינָה גָּלוּי לְכָל־הָעַמִּים וְלִהְיוֹת
יד הַיְּהוּדִיים עֲתוּדִים לַיּוֹם הַזֶּה לְהִנָּקֵם מֵאֹיְבֵיהֶם׃ הָרָצִים
רֹכְבֵי הָרֶכֶשׁ הָאֲחַשְׁתְּרָנִים יָצְאוּ מְבֹהָלִים וּדְחוּפִים בִּדְבַר
טו הַמֶּלֶךְ וְהַדָּת נִתְּנָה בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה׃ וּמָרְדֳּכַי יָצָא ׀
מִלִּפְנֵי הַמֶּלֶךְ בִּלְבוּשׁ מַלְכוּת תְּכֵלֶת וָחוּר וַעֲטֶרֶת זָהָב
גְּדוֹלָה וְתַכְרִיךְ בּוּץ וְאַרְגָּמָן וְהָעִיר שׁוּשָׁן צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה׃
טז יז לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר׃ וּבְכָל־
מְדִינָה וּמְדִינָה וּבְכָל־עִיר וָעִיר מְקוֹם אֲשֶׁר דְּבַר־הַמֶּלֶךְ
וְדָתוֹ מַגִּיעַ שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן לַיְּהוּדִים מִשְׁתֶּה וְיוֹם טוֹב
וְרַבִּים מֵעַמֵּי הָאָרֶץ מִתְיַהֲדִים כִּי־נָפַל פַּחַד־הַיְּהוּדִים
עֲלֵיהֶם׃

יא׳ כצ״ל על פי המסורה  יג׳ יתיר י׳  עתודים קרי

ט

וּבִשְׁנֵים עָשָׂר חֹדֶשׁ הוּא־חֹדֶשׁ אֲדָר בִּשְׁלוֹשָׁה עָשָׂר יוֹם א
בּוֹ אֲשֶׁר הִגִּיעַ דְּבַר־הַמֶּלֶךְ וְדָתוֹ לְהֵעָשׂוֹת בַּיּוֹם אֲשֶׁר
שִׂבְּרוּ אֹיְבֵי הַיְּהוּדִים לִשְׁלוֹט בָּהֶם וְנַהֲפוֹךְ הוּא אֲשֶׁר
יִשְׁלְטוּ הַיְּהוּדִים הֵמָּה בְּשֹׂנְאֵיהֶם׃ נִקְהֲלוּ הַיְּהוּדִים ב
בְּעָרֵיהֶם בְּכָל־מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ לִשְׁלֹחַ יָד
בִּמְבַקְשֵׁי רָעָתָם וְאִישׁ לֹא־עָמַד לִפְנֵיהֶם כִּי־נָפַל פַּחְדָּם
עַל־כָּל־הָעַמִּים׃ וְכָל־שָׂרֵי הַמְּדִינוֹת וְהָאֲחַשְׁדַּרְפְּנִים ג
וְהַפַּחוֹת וְעֹשֵׂי הַמְּלָאכָה אֲשֶׁר לַמֶּלֶךְ מְנַשְּׂאִים אֶת־
הַיְּהוּדִים כִּי־נָפַל פַּחַד־מָרְדֳּכַי עֲלֵיהֶם׃ כִּי־גָדוֹל מָרְדֳּכַי ד
בְּבֵית הַמֶּלֶךְ וְשָׁמְעוֹ הוֹלֵךְ בְּכָל־הַמְּדִינוֹת כִּי־הָאִישׁ
מָרְדֳּכַי הוֹלֵךְ וְגָדוֹל׃ וַיַּכּוּ הַיְּהוּדִים בְּכָל־אֹיְבֵיהֶם ה
מַכַּת־חֶרֶב וְהֶרֶג וְאַבְדָן וַיַּעֲשׂוּ בְשֹׂנְאֵיהֶם כִּרְצוֹנָם׃ ו
וּבְשׁוּשַׁן הַבִּירָה הָרְגוּ הַיְּהוּדִים וְאַבֵּד חֲמֵשׁ מֵאוֹת
אִישׁ׃ וְאֵת ׀ ז
פַּרְשַׁנְדָּתָא וְאֵת ׀
דַּלְפוֹן וְאֵת ׀
אַסְפָּתָא׃ וְאֵת ׀ ח
פּוֹרָתָא וְאֵת ׀
אֲדַלְיָא וְאֵת ׀
אֲרִידָתָא׃ וְאֵת ׀ ט
פַּרְמַשְׁתָּא וְאֵת ׀
אֲרִיסַי וְאֵת ׀
אֲרִדַי וְאֵת ׀
וַיְזָתָא׃ עֲשֶׂרֶת י
בְּנֵי הָמָן בֶּן־הַמְּדָתָא צֹרֵר הַיְּהוּדִים הָרָגוּ וּבַבִּזָּה לֹא

ב׳ כצ״ל על פי המסורה   ז׳ ת׳ זעירא   ט׳ ש׳ זעירא   ו׳ רבתי   ז׳ זעירא

ט 1 און אין צוועלפטן חודש, דאָס איז חודש אָדר, אין דרייצנטן טאָג אין אים, ווען דער אָנזאָג פון דעם מלך און זיין באַפעל איז געקומען נאָנט צום געטאָן ווערן, אין דעם טאָג וואָס די פיינט פון די יידן האָבן געהאָפט צו געוועלטיקן איבער זיי, און עס איז געוואָרן פאַרקערט, אַז זיי, די יידן, האָבן געוועלטיקט איבער זייערע שׂונאים, 2 האָבן זיך אײַנגעזאַמלט די יידן אין זייערע שטעט, אין אַלע מדינות פון מלך אַחשורוש, אויסצושטרעקן אַ האַנט אויף די וואָס האָבן געזוכט אויף זיי בייז; און קיינער איז ניט באַשטאַנען אַקעגן זיי, וואָרום זייער מורא איז געפאַלן אויף אַלע פעלקער. 3 און אַלע האַרן פון די מדינות, און די סאַטראַפּן, און די פירשטן, און דעם מלכס ווירט־שאַפטער, האָבן אונטערגעהאָלפן די יידן, וואָרום די מורא פאַר מרדכין איז געפאַלן אויף זיי. 4 ווייל מרדכי איז געווען גרויס אין הויז פון מלך, און זיין שם איז געגאַנגען אין אַלע מדינות; וואָרום דער מאַן מרדכי איז געוואָרן אַלץ גרעסער. 5 און די יידן האָבן געשלאָגן צווישן אַלע זייערע פיינט אַ שלאַק פון שווערד און טייטונג און פאַרטיליקונג, און זיי האָבן געטאָן מיט זייערע שׂונאים לויט זייער ווילן. 6 און אין דער הויפּטשטאָט שושן האָבן די יידן געהרגעט און אומגעבראַכט פינף הונדערט מאַן. 7 אויך פּרשנדתא, און דלפון, און אַספּתא, 8 און פּורתא, און אַדליא, און אַרידתא. 9 און פּרמשתא, און אַריסי, און אַרידי און ויזתא, 10 די צען זין פון המן דעם זון פון המדתא, דעם צורר־היהודים, האָבן זיי געהרגעט; אָבער צום רויב האָבן זיי ניט אויסגעשטרעקט זייער האַנט.

[11] אין יענעם טאָג איז געקומען די צאָל פון די הרוגים אין דער הויפּטשטאָט שושן, פאַר דעם מלך. [12] האָט דער מלך געזאָגט צו אסתּר המלכּה: אין דער הויפּט־שטאָט שושן האָבן די ייִדן געהרגעט און אומגעבראַכט פינף הונדערט מאַן, און הָמָנס צען זין; וואָס שוין האָבן זיי געטאָן אין [די] איבעריקע מדינות פון מלך! און וואָס נאָר דיין פאַרלאַנג, וועט דיר געגעבן ווערן, און וואָס נאָך דיין בקשה, וועט געטאָן ווערן. [13] האָט אסתּר געזאָגט: אויב דעם מלך איז ווילגעפעלן, זאָל אויך מאָרגן געגעבן ווערן די ייִדן וואָס אין שושן צו טאָן אַזוי ווי דער באַפעל פון הייַנט; און די צען זין פון הָמָנען זאָל מען אויפהענגען אויף דער תּלִיָה. [14] האָט דער מלך געהייסן אַז אַזוי זאָל געטאָן ווערן, און אַ באַפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין שושן; און די צען זין פון הָמָנען האָט מען אויפגעהאַנגען. [15] און די ייִדן וואָס אין שושן האָבן זיך אַייִנגעזאַמלט אויך אין פערצנטן טאָג פון חודש אָדָר, און האָבן אויסגעהרגעט אין שושן דריי הונדערט מאַן; אָבער צום רויב האָבן זיי ניט אויסגעשטרעקט זייער האַנט.

[16] און די איבעריקע ייִדן וואָס אין די מדינות פון מלך האָבן זיך אַייִנגעזאַמלט, און זיך געשטעלט פאַר זייער לעבן, און זיי זיינען לויז געוואָרן פון זייערע פייַנט, און האָבן אויסגעהרגעט פון זייערע שׂוֹנאים פינף און זיבעציק טויזנט; אָבער צום רויב האָבן זיי ניט אויסגעשטרעקט זייער האַנט.

[17] דאָס איז געווען אין דרייַצנטן טאָג פון חודש אָדָר; און אין פערצנטן טאָג אין אים האָבן זיי גערוט, און האָבן אים געמאַכט פאַר אַ טאָג פון אַ סעודה און אַ שׂמחה. [18] אָבער די ייִדן וואָס אין שושן האָבן זיך אַייִנגעזאַמלט אין דרייַצנטן און אין פערצנטן טאָג אין אים, און אין פופצנטן טאָג אין אים האָבן זיי גערוט, און האָבן אים געמאַכט פאַר אַ טאָג פון אַ סעודה און אַ שׂמחה. [19] דרום מאַכן די ייִדן פון די אָפענע ערטער, די וואָס זיצן אין אָפענע שטעט, אין פערצנטן טאָג פון חודש אָדָר אַ שׂמחה און אַ סעודה און אַ יום־טוב, מיט שלח־מָנות פון אײנעם צום אַנדערן.

[20] און מרדכי האָט אויפגעשריבן די דאָזיקע זאַכן, און ער האָט געשיקט בריוו צו אַלע ייִדן וואָס אין אַלע מדינות פון מלך אַחשורוש, די נאָענטע און די ווייטע, [21] צו באַפעסטיקן אויף זיי, אַז זיי זאָלן האַלטן דעם פערצנטן טאָג פון חודש אָדָר, און דעם פופצנטן טאָג אין אים, אַלע יאָר אין יאָר, [22] אַזוי ווי די טעג וואָס די ייִדן זיינען לויז געוואָרן פון זייערע פייַנט, און דעם חודש וואָס איז זיי פאַרקערט געוואָרן פון טרויער אין אַ שׂמחה, און פון קומער אין אַ יום־טוב; זיי צו מאַכן פאַר טעג

יא שָׁלְחוּ אֶת־יָדָם׃ בַּיּוֹם הַהוּא בָּא מִסְפַּר הַהֲרוּגִים בְּשׁוּשַׁן
יב הַבִּירָה לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה
בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה הָרְגוּ הַיְּהוּדִים וְאַבֵּד חֲמֵשׁ מֵאוֹת אִישׁ
וְאֵת עֲשֶׂרֶת בְּנֵי־הָמָן בִּשְׁאָר מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ מֶה עָשׂוּ
יג וּמַה־שְּׁאֵלָתֵךְ וְיִנָּתֵן לָךְ וּמַה־בַּקָּשָׁתֵךְ עוֹד וְתֵעָשׂ׃ וַתֹּאמֶר
אֶסְתֵּר אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב יִנָּתֵן גַּם־מָחָר לַיְּהוּדִים אֲשֶׁר
בְּשׁוּשָׁן לַעֲשׂוֹת כְּדָת הַיּוֹם וְאֵת עֲשֶׂרֶת בְּנֵי־הָמָן יִתְלוּ
יד עַל־הָעֵץ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְהֵעָשׂוֹת כֵּן וַתִּנָּתֵן דָּת בְּשׁוּשָׁן
טו וְאֵת עֲשֶׂרֶת בְּנֵי־הָמָן תָּלוּ׃ וַיִּקָּהֲלוּ הַיְּהוּדִיִּים אֲשֶׁר־
בְּשׁוּשָׁן גַּם בְּיוֹם אַרְבָּעָה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר וַיַּהַרְגוּ
בְשׁוּשָׁן שְׁלֹשׁ מֵאוֹת אִישׁ וּבַבִּזָּה לֹא שָׁלְחוּ אֶת־יָדָם׃
טז וּשְׁאָר הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בִּמְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ נִקְהֲלוּ ׀ וְעָמֹד
עַל־נַפְשָׁם וְנוֹחַ מֵאֹיְבֵיהֶם וְהָרֹג בְּשֹׂנְאֵיהֶם חֲמִשָּׁה
יז וְשִׁבְעִים אָלֶף וּבַבִּזָּה לֹא שָׁלְחוּ אֶת־יָדָם׃ בְּיוֹם־שְׁלוֹשָׁה
עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר וְנוֹחַ בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר בּוֹ וְעָשֹׂה אֹתוֹ
יח יוֹם מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה׃ וְהַיְּהוּדִיִּים אֲשֶׁר־בְּשׁוּשָׁן נִקְהֲלוּ
בִּשְׁלוֹשָׁה עָשָׂר בּוֹ וּבְאַרְבָּעָה עָשָׂר בּוֹ וְנוֹחַ בַּחֲמִשָּׁה
יט עָשָׂר בּוֹ וְעָשֹׂה אֹתוֹ יוֹם מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה׃ עַל־כֵּן הַיְּהוּדִים
הַפְּרוֹזִים הַיֹּשְׁבִים בְּעָרֵי הַפְּרָזוֹת עֹשִׂים אֵת יוֹם אַרְבָּעָה
עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר שִׂמְחָה וּמִשְׁתֶּה וְיוֹם טוֹב וּמִשְׁלֹחַ
כ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ׃ וַיִּכְתֹּב מָרְדֳּכַי אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה
וַיִּשְׁלַח סְפָרִים אֶל־כָּל־הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בְּכָל־מְדִינוֹת
כא הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הַקְּרוֹבִים וְהָרְחוֹקִים׃ לְקַיֵּם עֲלֵיהֶם
לִהְיוֹת עֹשִׂים אֵת יוֹם אַרְבָּעָה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר וְאֵת
כב יוֹם־חֲמִשָּׁה עָשָׂר בּוֹ בְּכָל־שָׁנָה וְשָׁנָה׃ כַּיָּמִים אֲשֶׁר־נָחוּ
בָהֶם הַיְּהוּדִים מֵאֹיְבֵיהֶם וְהַחֹדֶשׁ אֲשֶׁר נֶהְפַּךְ לָהֶם מִיָּגוֹן
לְשִׂמְחָה וּמֵאֵבֶל לְיוֹם טוֹב לַעֲשׂוֹת אוֹתָם יְמֵי מִשְׁתֶּה

טו׳ כצ״ל במונח   טו׳ יח׳ יתיר י׳   יט׳ יתיר ו׳

וְשִׂמְחָה וּמִשְׁלֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים׃
וְקִבֵּל הַיְּהוּדִים אֵת אֲשֶׁר־הֵחֵלּוּ לַעֲשׂוֹת וְאֵת אֲשֶׁר־כָּתַב כג
מָרְדֳּכַי אֲלֵיהֶם׃ כִּי הָמָן בֶּן־הַמְּדָתָא הָאֲגָגִי צֹרֵר כָּל־ כד
הַיְּהוּדִים חָשַׁב עַל־הַיְּהוּדִים לְאַבְּדָם וְהִפִּל פּוּר הוּא
הַגּוֹרָל לְהֻמָּם וּלְאַבְּדָם׃ וּבְבֹאָהּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ אָמַר עִם־ כה
הַסֵּפֶר יָשׁוּב מַחֲשַׁבְתּוֹ הָרָעָה אֲשֶׁר־חָשַׁב עַל־הַיְּהוּדִים
עַל־רֹאשׁוֹ וְתָלוּ אֹתוֹ וְאֶת־בָּנָיו עַל־הָעֵץ׃ עַל־כֵּן קָרְאוּ כו
לַיָּמִים הָאֵלֶּה פוּרִים עַל־שֵׁם הַפּוּר עַל־כֵּן עַל־כָּל־דִּבְרֵי
הָאִגֶּרֶת הַזֹּאת וּמָה־רָאוּ עַל־כָּכָה וּמָה הִגִּיעַ אֲלֵיהֶם׃
קִיְּמוּ וְקִבְּלֻ הַיְּהוּדִים ׀ עֲלֵיהֶם ׀ וְעַל־זַרְעָם וְעַל כָּל־ כז
הַנִּלְוִים עֲלֵיהֶם וְלֹא יַעֲבוֹר לִהְיוֹת עֹשִׂים אֶת־שְׁנֵי הַיָּמִים
הָאֵלֶּה כִּכְתָבָם וְכִזְמַנָּם בְּכָל־שָׁנָה וְשָׁנָה׃ וְהַיָּמִים הָאֵלֶּה כח
נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים בְּכָל־דּוֹר וָדוֹר מִשְׁפָּחָה וּמִשְׁפָּחָה מְדִינָה
וּמְדִינָה וְעִיר וָעִיר וִימֵי הַפּוּרִים הָאֵלֶּה לֹא יַעַבְרוּ מִתּוֹךְ
הַיְּהוּדִים וְזִכְרָם לֹא־יָסוּף מִזַּרְעָם׃ וַתִּכְתֹּב כט
אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה בַת־אֲבִיחַיִל וּמָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי אֶת־כָּל־
תֹּקֶף לְקַיֵּם אֵת אִגֶּרֶת הַפֻּרִים הַזֹּאת הַשֵּׁנִית׃ וַיִּשְׁלַח ל
סְפָרִים אֶל־כָּל־הַיְּהוּדִים אֶל־שֶׁבַע וְעֶשְׂרִים וּמֵאָה מְדִינָה
מַלְכוּת אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ דִּבְרֵי שָׁלוֹם וֶאֱמֶת׃ לְקַיֵּם אֶת־יְמֵי לא
הַפֻּרִים הָאֵלֶּה בִּזְמַנֵּיהֶם כַּאֲשֶׁר קִיַּם עֲלֵיהֶם מָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי
וְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וְכַאֲשֶׁר קִיְּמוּ עַל־נַפְשָׁם וְעַל־זַרְעָם דִּבְרֵי
הַצּוֹמוֹת וְזַעֲקָתָם׃ וּמַאֲמַר אֶסְתֵּר קִיַּם דִּבְרֵי הַפֻּרִים לב
הָאֵלֶּה וְנִכְתָּב בַּסֵּפֶר׃

י

וַיָּשֶׂם הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁרֹשׁ ׀ מַס עַל־הָאָרֶץ וְאִיֵּי הַיָּם׃ וְכָל־ א ב
מַעֲשֵׂה תָקְפּוֹ וּגְבוּרָתוֹ וּפָרָשַׁת גְּדֻלַּת מָרְדֳּכַי אֲשֶׁר גִּדְּלוֹ

ט, כז׳ וקבל קרי כט׳ ת׳ רבתי לב׳ קמץ בטרחא י, א׳ אחשורוש קרי

פון אַ סעודה און אַ שמחה, מיט שַׁלַח־מָנות פון איינעם צום אַנדערן, און מתּנות צו אָרימע לייט. 23 און די ייִדן האָבן אָנגענומען וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן צו טאָן, און וואָס מרדכי האָט צו זיי געשריבן. 24 וואָרום הָמָן דער זון פון הַמְדָתָאן, דער אֲגָגִי, דער צוֹרר אויף אַלע ייִדן, האָט געטראַכט אויף די ייִדן זיי אונטערצוברענגען, און ער האָט געוואָרפן אַ פּור, דאָס איז אַ גוֹרל, זיי צו פאַר־טומלען און זיי אונטערצוברענגען. 25 אָבער אַז זי איז געקומען פאַרן מלך, האָט ער אָנגעזאָגט מיט אַ בריוו, אַז זיין בייזע מחשבה וואָס ער האָט געטראַכט אויף די ייִדן, זאָל זיך אומקערן אויף זיין קאָפּ; און מע האָט אויפגע־האַנגען אים און זיינע זין אויף דער תּליה. 26 דרום האָט מען גערופן דידאָזיקע טעג פּורים, אויף דעם נאָמען פּור. דערפאַר, פון וועגן די ווערטער פון דעמדאָזיקן בריוו, און וואָס זיי האָבן זיך אָנגעזען דערפון, און וואָס זיי איז געשען, 27 האָבן די ייִדן באַפעסטיקט און גענומען אויף זיך, און אויף זייערע קינדער, און אויף אַלע וואָס באַהעפטן זיך אָן זיי, אַז עס זאָל ניט בָּטל ווערן, צו האַלטן דידאָזיקע צוויי טעג, אַזוי ווי עס איז געשריבן וועגן זיי, און לויט זייער צייט, אַלע יאָר פאַר יאָר. 28 און דידאָזיקע טעג זאָלן געדאַכט ווערן, און געהאַלטן ווערן אין איטלעכן דור, איטלעכער משפּחה, איטלעכער מדינה, און איטלעכער שטאָט; און דידאָזיקע טעג פון פּורים זאָלן ניט אָפּגעשאַפט ווערן פון צווישן ייִדן, און זייער געדעכעניש זאָל ניט אויפהערן ביי זייערע קינדער.

29 און אסתּר המלכּה, די טאָכטער פון אַביחַיִלן, און מרדכי דער ייִד, האָבן געשריבן מיט גאַנצער שטאַרקייט, צו באַפעסטיקן דעמדאָזיקן צווייטן בריוו וועגן פּורים. 30 און ער האָט צעשיקט בריוו צו אַלע ייִדן, צו די הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות פון אַחַשְוֵרוֹשעס קיניגרייך, מיט ווערטער פון פריד און וואָרהאַפטיקייט, 31 אַז זיי זאָלן באַ־פעסטיקן דידאָזיקע טעג פון פּורים אין זייערע צייטן, אַזוי ווי מרדכי דער ייִד און אסתּר המלכּה האָבן באַפעסטיקט אויף זיי, און אַזוי ווי זיי האָבן באַפעסטיקט אויף זיך אַליין און אויף זייערע קינדער, די אָנזאָגן וועגן די תּעניתים און זייער קלאָג.

32 און אסתּרס באַפעל האָט באַפעסטיקט דידאָזיקע אָנזאָגן וועגן פּורים; און עס איז פאַרשריבן געוואָרן אין אַ בוך.

י 1 און דער מלך אַחַשְוֵרוֹש האָט אַרויפגעלייגט אַ צינז אויפן לאַנד, און אויף די אינדזלען פון ים. 2 און די מעשׂה פון זיין שטאַרקייט און זיינע גבורות, און די אויסדערציילונג פון מרדכיס גרויסקייט וואָס דער מלך האָט אים

געגרייסט, זיי זיינען שוין פאַרשריבן אין דעם בוך פון די
צייטגעשעשענישן פון די מלכים פון מָדַי און פָּרַס. 3 וואָרום
מרדכי דער ייִד איז געווען דער שֵני־למלך פון אַחַשוַרוֹשן,
און גרויס ביי ייִדן, און באַליבט ביי זיינע פיל ברידער.
ער האָט געזוכט גוטס פאַר זיין פאָלק, און גערעדט צום פריד פאַר זיין גאַנצן שטאַם.

הַמֶּ֣לֶךְ הֲלוֹא־הֵ֣ם כְּתוּבִ֗ים עַל־סֵ֙פֶר֙ דִּבְרֵ֣י הַיָּמִ֔ים לְמַלְכֵ֖י
ג מָדַ֥י וּפָרָֽס׃ כִּ֣י ׀ מָרְדֳּכַ֣י הַיְּהוּדִ֗י מִשְׁנֶה֙ לַמֶּ֣לֶךְ אֲחַשְׁוֵר֔וֹשׁ
וְגָדוֹל֙ לַיְּהוּדִ֔ים וְרָצ֖וּי לְרֹ֣ב אֶחָ֑יו דֹּרֵ֥שׁ טוֹב֙ לְעַמּ֔וֹ וְדֹבֵ֥ר
שָׁל֖וֹם לְכָל־זַרְעֽוֹ׃

סכום פסוקי דמגלת אסתר מאה וששים ושבעה. וסימנו כבדני
נא נגד זקני עמי. וחציו ותען אסתר ותאמר. וסדריו חמשה.
וסימנו ווה גב המזבח:

# דָּנִיֵּאל

א בִּשְׁנַת שָׁלוֹשׁ לְמַלְכוּת יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ־יְהוּדָה בָּא
ב נְבוּכַדְנֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל יְרוּשָׁלַםִ וַיָּצַר עָלֶיהָ׃ וַיִּתֵּן אֲדֹנָי
בְּיָדוֹ אֶת־יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ־יְהוּדָה וּמִקְצָת כְּלֵי בֵית־הָאֱלֹהִים
וַיְבִיאֵם אֶרֶץ־שִׁנְעָר בֵּית אֱלֹהָיו וְאֶת־הַכֵּלִים הֵבִיא בֵּית
ג אוֹצַר אֱלֹהָיו׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְאַשְׁפְּנַז רַב סָרִיסָיו לְהָבִיא
ד מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּמִזֶּרַע הַמְּלוּכָה וּמִן־הַפַּרְתְּמִים׃ יְלָדִים
אֲשֶׁר אֵין־בָּהֶם כָּל־מאוּם וְטוֹבֵי מַרְאֶה וּמַשְׂכִּלִים בְּכָל־
חָכְמָה וְיֹדְעֵי דַעַת וּמְבִינֵי מַדָּע וַאֲשֶׁר כֹּחַ בָּהֶם לַעֲמֹד
ה בְּהֵיכַל הַמֶּלֶךְ וּלְלַמְּדָם סֵפֶר וּלְשׁוֹן כַּשְׂדִּים׃ וַיְמַן לָהֶם
הַמֶּלֶךְ דְּבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ מִפַּת־בַּג הַמֶּלֶךְ וּמִיֵּין מִשְׁתָּיו
ו וּלְגַדְּלָם שָׁנִים שָׁלוֹשׁ וּמִקְצָתָם יַעַמְדוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיְהִי
ז בָהֶם מִבְּנֵי יְהוּדָה דָּנִיֵּאל חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה׃ וַיָּשֶׂם
לָהֶם שַׂר הַסָּרִיסִים שֵׁמוֹת וַיָּשֶׂם לְדָנִיֵּאל בֵּלְטְשַׁאצַּר
וְלַחֲנַנְיָה שַׁדְרַךְ וּלְמִישָׁאֵל מֵישַׁךְ וְלַעֲזַרְיָה עֲבֵד נְגוֹ׃
ח וַיָּשֶׂם דָּנִיֵּאל עַל־לִבּוֹ אֲשֶׁר לֹא־יִתְגָּאַל בְּפַת־בַּג הַמֶּלֶךְ
וּבְיֵין מִשְׁתָּיו וַיְבַקֵּשׁ מִשַּׂר הַסָּרִיסִים אֲשֶׁר לֹא יִתְגָּאָל׃
ט וַיִּתֵּן הָאֱלֹהִים אֶת־דָּנִיֵּאל לְחֶסֶד וּלְרַחֲמִים לִפְנֵי שַׂר
י הַסָּרִיסִים׃ וַיֹּאמֶר שַׂר הַסָּרִיסִים לְדָנִיֵּאל יָרֵא אֲנִי אֶת־
אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר מִנָּה אֶת־מַאֲכַלְכֶם וְאֶת־מִשְׁתֵּיכֶם
אֲשֶׁר לָמָּה יִרְאֶה אֶת־פְּנֵיכֶם זֹעֲפִים מִן־הַיְלָדִים אֲשֶׁר

ד׳ יתיר א׳ ז׳ בי טעמים

**א** 1 אין דריטן יאָר פון דער מלוכה פון יהוֹיָקים דעם מלך פון יהודה, איז געקומען נבוכַדנֶצַר דער מלך פון בָּבל אויף ירושָׁלַיִם, און האָט געלעגערט אויף איר. 2 און גאָט האָט געגעבן אין זיין האַנט יהוֹיָקים דעם מלך פון יהודה, און טייל פון די כּלים פון גאָטס הויז, און ער האָט זיי געבראַכט קיין לאַנד שִׁנעָר, אין הויז פון זיין גאָט; און די כּלים האָט ער געבראַכט אין דער שאַצקאַמער פון זיין גאָט.

3 און דער מלך האָט געהייסן אַשפּנַז דעם הויפּט פון זיינע הויפדינער, ברענגען פון די קינדער פון ישׂראל, און פון דעם קיניגלעכן אָפּשטאַם, און פון די אַדללייט, 4 ייִנגלעך וואָס אין זיי איז ניטאָ קיין פעלער, און שיינע אויפן אויסזען, און באַהאַוונט אין אַלערליי חכמות, און ווילקענעוודיק אין קענשאַפט, און פאַרשטאַנדיק אין וויסן, און וואָס האָבן בכּוח צו שטיין אין פּאַלאַץ פון מלך; און זיי לערנען דעם כּתב און דעם לשון פון די כַּשׂדים. 5 און דער מלך האָט זיי באַשטימט אַ טאָגטעגלעכע אויס־קומעניש פון דעם מלכס שפּייז, און פון דעם וויין וואָס ער טרינקט, און [געהייסן] זיי דערציען דריי יאָר, און צום סָוף פון זיי, זאָלן זיי זיך שטעלן פאַרן מלך.

6 זיינען געווען צווישן זיי פון די קינדער פון יהודה, דָניאֵל, חֲנַניָה, מישָׁאֵל, און עֲזריָה. 7 און דער הויפּט פון די הויפדינער האָט זיי געגעבן נעמען, און ער האָט געגעבן דניאלן [דעם נאָמען] בֵּלטשאַצַר, און חֲנַניָהן־שַׁדרַך, און מישָׁאֵלן־מֵישַׁך, און עֲזריָהן־עֲבֵד־נגוֹ.

8 און דניאל האָט זיך אַריינגענומען אין האַרצן, אַז ער זאָל זיך ניט פאַראומווערדיקן מיט דעם מלכס שפּייז, און מיט דעם וויין וואָס ער טרינקט, און ער האָט געבעטן פון דעם הויפּט פון די הויפדינער, אַז ער זאָל זיך ניט דאַרפן פאַראומווערדיקן. 9 און גאָט האָט געגעבן דניאלן גענאָד און דערבאַרימונג ביי דעם הויפּט פון די הויפדינער. 10 אָבער דער הויפּט פון די הויפדינער האָט געזאָגט צו דניאלן: איך האָב מורא פאַר מיין האַר דעם מלך וואָס האָט באַשטימט אייער שפּייז און אייער געטראַנק, טאָמער וועט ער זען אייערע פּנימער אומעטיקער ווי ביי ייִנגלעך פון אייער

עלטער, און איר וועט פאַרשולדיקן מײַן קאָפּ פאַרן מלך. 11 האָט דניאל געזאָגט צו דעם טראַנקמייסטער וואָס דער הויפּט פון די הויפדינער האָט געשטעלט איבער דניאלן, חנניהן, מישאלן, און עזריהן: 12 פּרוּוו, איך בעט דיך, דײַנע קנעכט צען טעג, און זאָל מען אונדז געבן פון גרינס צום עסן, און וואַסער צום טרינקען. 13 און זאָל באַוויזן ווערן פאַר דיר אונדזער אויסזען און דאָס אויסזען פון די ייִנגלעך וואָס עסן דעם מלכס שפּייז; און אַזוי ווי דו וועסט זען, טו מיט דײַנע קנעכט. 14 האָט ער צוגעהערט צו זיי אין דערדאָזיקער זאַך, און ער האָט זיי געפּרוּווט צען טעג. 15 און צום סוף פון די צען טעג, האָט זייער אויסזען אויסגעוויזן בעסער, און זיי זײַנען געווען פעטער אויפן לײַב, פון אַלע ייִנגלעך וואָס האָבן געגעסן דעם מלכס שפּייז. 16 אַזוי פלעגט דער טראַנקמייסטער אַוועקנעמען זייער שפּייז, און דעם ווײַן וואָס זיי זאָלן טרינקען, און פלעגט זיי געבן גרינס.

17 און די דאָזיקע פיר ייִנגלעך, זיי האָט גאָט געגעבן קענשאַפט און פאַרשטאַנדיקייט אין אַלערליי ספרים און חכמה; און דניאל האָט פאַרשטאַנען יעטוועדער זעאונג און חלומות. 18 און צום סוף פון די טעג וואָס דער מלך האָט זיי געהייסן דענסמאָל ברענגען, האָט זיי דער הויפּט פון די הויפדינער געבראַכט פאַר נבוכדנאצרן. 19 און דער מלך האָט מיט זיי גערעדט; און צווישן זיי אַלעמען איז ניט געפונען געוואָרן אַזאַ ווי דניאל, חנניה, מישאל, און עזריה; און זיי זײַנען געשטאַנען פאַרן מלך. 20 און אין יעטוועדער זאַך פון פאַרשטאַנדיקער חכמה וואָס דער מלך האָט בײַ זיי געפרעגט, האָט ער זיי געפונען צען מאָל העכער ווי אַלע חרטומים און צויבערשפּרעכער וואָס אין זײַן גאַנצן קיניגרײַך.

21 און דניאל איז געבליבן ביז דעם ערשטן יאָר פון מלך כּורש.

יא כְּגִילְכֶם וְחִיַּבְתֶּם אֶת־רֹאשִׁי לַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר דָּנִיֵּאל אֶל־
הַמֶּלְצַר אֲשֶׁר מִנָּה שַׂר הַסָּרִיסִים עַל־דָּנִיֵּאל חֲנַנְיָה
יב מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה׃ נַס־נָא אֶת־עֲבָדֶיךָ יָמִים עֲשָׂרָה וְיִתְּנוּ־
יג לָנוּ מִן־הַזֵּרֹעִים וְנֹאכְלָה וּמַיִם וְנִשְׁתֶּה׃ וְיֵרָאוּ לְפָנֶיךָ
מַרְאֵינוּ וּמַרְאֵה הַיְלָדִים הָאֹכְלִים אֵת פַּת־בַּג הַמֶּלֶךְ
יד וְכַאֲשֶׁר תִּרְאֵה עֲשֵׂה עִם־עֲבָדֶיךָ׃ וַיִּשְׁמַע לָהֶם לַדָּבָר הַזֶּה
טו וַיְנַסֵּם יָמִים עֲשָׂרָה׃ וּמִקְצָת יָמִים עֲשָׂרָה נִרְאָה מַרְאֵיהֶם
טוֹב וּבְרִיאֵי בָּשָׂר מִן־כָּל־הַיְלָדִים הָאֹכְלִים אֵת פַּת־בַּג
טז הַמֶּלֶךְ׃ וַיְהִי הַמֶּלְצַר נֹשֵׂא אֶת־פַּת־בָּגָם וְיֵין מִשְׁתֵּיהֶם
יז וְנֹתֵן לָהֶם זֵרְעֹנִים׃ וְהַיְלָדִים הָאֵלֶּה אַרְבַּעְתָּם נָתַן לָהֶם
הָאֱלֹהִים מַדָּע וְהַשְׂכֵּל בְּכָל־סֵפֶר וְחָכְמָה וְדָנִיֵּאל הֵבִין
יח בְּכָל־חָזוֹן וַחֲלֹמוֹת׃ וּלְמִקְצָת הַיָּמִים אֲשֶׁר־אָמַר הַמֶּלֶךְ
יט לַהֲבִיאָם וַיְבִיאֵם שַׂר הַסָּרִיסִים לִפְנֵי נְבֻכַדְנֶצַּר׃ וַיְדַבֵּר
אִתָּם הַמֶּלֶךְ וְלֹא נִמְצָא מִכֻּלָּם כְּדָנִיֵּאל חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל
כ וַעֲזַרְיָה וַיַּעַמְדוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וְכֹל דְּבַר חָכְמַת בִּינָה אֲשֶׁר־
בִּקֵּשׁ מֵהֶם הַמֶּלֶךְ וַיִּמְצָאֵם עֶשֶׂר יָדוֹת עַל כָּל־הַחַרְטֻמִּים
כא הָאַשָּׁפִים אֲשֶׁר בְּכָל־מַלְכוּתוֹ׃ וַיְהִי דָּנִיֵּאל עַד־שְׁנַת אַחַת
לְכוֹרֶשׁ הַמֶּלֶךְ׃

ב

א וּבִשְׁנַת שְׁתַּיִם לְמַלְכוּת נְבֻכַדְנֶצַּר חָלַם נְבֻכַדְנֶצַּר חֲלֹמוֹת
ב וַתִּתְפָּעֶם רוּחוֹ וּשְׁנָתוֹ נִהְיְתָה עָלָיו׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לִקְרֹא
לַחַרְטֻמִּים וְלָאַשָּׁפִים וְלַמְכַשְּׁפִים וְלַכַּשְׂדִּים לְהַגִּיד לַמֶּלֶךְ
ג חֲלֹמֹתָיו וַיָּבֹאוּ וַיַּעַמְדוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם הַמֶּלֶךְ
ד חֲלוֹם חָלָמְתִּי וַתִּפָּעֶם רוּחִי לָדַעַת אֶת־הַחֲלוֹם׃ וַיְדַבְּרוּ
הַכַּשְׂדִּים לַמֶּלֶךְ אֲרָמִית מַלְכָּא לְעָלְמִין חֱיִי אֱמַר חֶלְמָא
ה לְעַבְדָיךְ וּפִשְׁרָא נְחַוֵּא׃ עָנֵה מַלְכָּא וְאָמַר לְכַשְׂדָּיֵא מִלְּתָה
מִנִּי אַזְדָּא הֵן לָא תְהוֹדְעוּנַּנִי חֶלְמָא וּפִשְׁרֵהּ הַדָּמִין

א, יא׳ פתח באתנח   יג׳ א בצירי   ב, ד׳ יתיר י׳   ה׳ לכשדאי קרי   ה׳ כמקום א׳ מלא ודגש

ב 1 און אין צווייטן יאָר פון נבוכדנאצרס מלוכה האָבן זיך נבוכדנאצרן געחלומט חלומות, און זײַן געמיט איז געווען צערודערט, און זײַן שלאָף איז אים צעבראָכן געוואָרן. 2 האָט דער מלך געהייסן רופן די חרטומים, און די צויבערשפּרעכער, און די מכשפים, און די כּשׂדים, כּדי זיי זאָלן זאָגן דעם מלך זײַנע חלומות; און זיי זײַנען געקומען, און האָבן זיך געשטעלט פאַרן מלך. 3 האָט דער מלך צו זיי געזאָגט: מיר האָט זיך געחלומט אַ חלום, און מײַן געמיט איז צערודערט, צו וויסן דעם חלום. 4 האָבן די כּשׂדים גערעדט צו דעם מלך אין אַראַמיש: אײביק לעבן זאָל דער מלך! דערצייל דעם חלום צו דײַנע קנעכט, און מיר וועלן זאָגן דעם פּיתרון. 5 האָט זיך אָפּגערופן דער מלך און האָט געזאָגט צו די כּשׂדים: די זאַך איז בײַ מיר פעסט: אויב איר מאַכט מיך ניט וויסן דעם חלום און זײַן פּיתרון, וועט איר

ו תִּתְעַבְדוּן וּבָתֵּיכוֹן נְוָלִי יִתְּשָׂמוּן׃ וְהֵן חֶלְמָא וּפִשְׁרֵהּ
תְּהַחֲוֺן מַתְּנָן וּנְבִזְבָּה וִיקָר שַׂגִּיא תְּקַבְּלוּן מִן־קֳדָמָי לָהֵן
ז חֶלְמָא וּפִשְׁרֵהּ הַחֲוֺנִי׃ עֲנוֹ תִנְיָנוּת וְאָמְרִין מַלְכָּא חֶלְמָא
ח יֵאמַר לְעַבְדוֹהִי וּפִשְׁרָה נְהַחֲוֵה׃ עָנֵה מַלְכָּא וְאָמַר מִן־
יַצִּיב יָדַע אֲנָה דִּי עִדָּנָא אַנְתּוּן זָבְנִין כָּל־קֳבֵל דִּי חֲזֵיתוֹן
ט דִּי אַזְדָּא מִנִּי מִלְּתָא׃ דִּי הֵן־חֶלְמָא לָא תְהוֹדְעֻנַּנִי חֲדָה־
הִיא דָתְכוֹן וּמִלָּה כִדְבָה וּשְׁחִיתָה הזמנתון לְמֵאמַר
קָדָמַי עַד דִּי עִדָּנָא יִשְׁתַּנֵּא לָהֵן חֶלְמָא אֱמַרוּ לִי וְאִנְדַּע
י דִּי פִשְׁרֵהּ תְּהַחֲוֺנַּנִי׃ עֲנוֹ כשדיא קֳדָם־מַלְכָּא וְאָמְרִין
לָא־אִיתַי אֱנָשׁ עַל־יַבֶּשְׁתָּא דִּי מִלַּת מַלְכָּא יוּכַל לְהַחֲוָיָה
כָּל־קֳבֵל דִּי כָּל־מֶלֶךְ רַב וְשַׁלִּיט מִלָּה כִדְנָה לָא שְׁאֵל
יא לְכָל־חַרְטֹּם וְאָשַׁף וְכַשְׂדָּי׃ וּמִלְּתָא דִי־מַלְכָּה שָׁאֵל יַקִּירָה
וְאָחֳרָן לָא אִיתַי דִּי יְחַוִּנַּהּ קֳדָם מַלְכָּא לָהֵן אֱלָהִין דִּי
יב מְדָרְהוֹן עִם־בִּשְׂרָא לָא אִיתוֹהִי׃ כָּל־קֳבֵל דְּנָה מַלְכָּא
בְּנַס וּקְצַף שַׂגִּיא וַאֲמַר לְהוֹבָדָה לְכֹל חַכִּימֵי בָבֶל׃
יג וְדָתָא נֶפְקַת וְחַכִּימַיָּא מִתְקַטְּלִין וּבְעוֹ דָּנִיֵּאל וְחַבְרוֹהִי
יד לְהִתְקְטָלָה׃ בֵּאדַיִן דָּנִיֵּאל הֲתִיב עֵטָא וּטְעֵם
לְאַרְיוֹךְ רַב־טַבָּחַיָּא דִּי מַלְכָּא דִּי נְפַק לְקַטָּלָה לְחַכִּימֵי
טו בָּבֶל׃ עָנֵה וְאָמַר לְאַרְיוֹךְ שַׁלִּיטָא דִי־מַלְכָּא עַל־מָה
דָתָא מְהַחְצְפָה מִן־קֳדָם מַלְכָּא אֱדַיִן מִלְּתָא הוֹדַע אַרְיוֹךְ
טז לְדָנִיֵּאל׃ וְדָנִיֵּאל עַל וּבְעָא מִן־מַלְכָּא דִּי זְמָן יִנְתֵּן־לֵהּ
יז וּפִשְׁרָא לְהַחֲוָיָה לְמַלְכָּא׃ אֱדַיִן דָּנִיֵּאל לְבַיְתֵהּ
אֲזַל וְלַחֲנַנְיָה מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה חַבְרוֹהִי מִלְּתָא הוֹדַע׃
יח וְרַחֲמִין לְמִבְעֵא מִן־קֳדָם אֱלָהּ שְׁמַיָּא עַל־רָזָה דְּנָה דִּי
לָא יְהֹבְדוּן דָּנִיֵּאל וְחַבְרוֹהִי עִם־שְׁאָר חַכִּימֵי בָבֶל׃
יט אֱדַיִן לְדָנִיֵּאל בְּחֶזְוָא דִי־לֵילְיָא רָזָא גֲלִי אֱדַיִן דָּנִיֵּאל בָּרִךְ

ט׳ הזמנתון קרי   י׳ כשדאי קרי   יא׳ ה׳ במקום א   יד׳ ס״א לקטלא   טז׳ ס״א ובעה
יז׳ פתח באתנח   פתח בס״ס

אין שטיקער צעהאַקט ווערן, און אײַערע הייזער וועלן געמאַכט ווערן פאַר מיסטהויפנס. [6] אויב אָבער איר וועט זאָגן דעם חלום און זיין פּיתרון, וועט איר קריגן פון מיר מתּנות און באַלוינונגען און גרויס כּבוד; נאָר זאָגט מיר דעם חלום און זיין פּיתרון. [7] האָבן זיי געענטפערט אַ צווייט מאָל, און געזאָגט: זאָל דער מלך דערציילן דעם חלום צו זיינע קנעכט, און מיר וועלן זאָגן דעם פּיתרון. [8] האָט זיך אָפּגערופן דער מלך און האָט געזאָגט: געוויס פאַרשטיי איך אַז איר ווילט געווינען צייט, ווייל איר זעט אַז די זאַך איז ביי מיר פעסט, [9] אַז אויב איר מאַכט מיך ניט וויסן דעם חלום, איז בלויז איין משפּט פאַר אײַך; וואָרום איר האָט אָפּגעמאַכט צו זאָגן פאַר מיר ליגן און באַטרוג, ביז די צייט וועט זיך ענדערן. דרום זאָגט מיר דעם חלום, און איך וועל וויסן אַז איר קענט מיר באַשיידן זיין פּיתרון. [10] האָבן די כַּשׂדים געענטפערט פאַרן מלך און געזאָגט: ניטאָ אַ מענטש אויף דער ערד וואָס קען זאָגן די זאַך פון דעם מלך; וואָרום קיין גרויסער און מאַכטיקער מלך האָט ניט פאַרלאַנגט אַזאַ זאַך פון קיין חַרטום, אָדער צויבערשפּרעכער, אָדער כַּשׂדי. [11] און די זאַך וואָס דער מלך פאַרלאַנגט איז שווער, און קיין אַנדערער וואָס קען דאָס זאָגן פאַר דעם מלך איז ניטאָ, אַחוץ די געטער וואָס זייער וווינונג איז ניט מיט באַשעפענישן פון פלייש.

[12] איבער דעם איז דער מלך אין כּעס געוואָרן, און ער האָט שטאַרק געצערנט, און האָט באַפוילן אומ־צוברענגען אַלע חכמים פון בָּבל. [13] און דער באַפעל איז אַרויס, און די חכמים האָבן געזאָלט געטייט ווערן, און מע האָט געזוכט דניאלן און זיינע חברים זיי צו טייטן.

[14] דענסמאָל האָט דניאל געענטפערט מיט קלוגשאַפט און שׂכל אַריוֹך דעם אויבערלייַבוועכטער פון דעם מלך, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען טייטן די חכמים פון בָּבל. [15] ער האָט זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט צו אַריוֹך דעם הויפּטמאַן פון דעם מלך: פאַרוואָס איז דער באַפעל אַזוי שטרענג פון פאַר דעם מלך? דענסמאָל האָט אַריוֹך געמאַכט וויסן דניאלן די זאַך. [16] איז דניאל אַרויפגעגאַנגען און האָט געבעטן ביים מלך, אַז ער זאָל אים געבן צייט, כּדי צו זאָגן דעם מלך דעם פּיתרון.

[17] דענסמאָל איז דניאל אַוועקגעגאַנגען אין זיין הויז, און האָט געמאַכט וויסן די זאַך צו זיינע חברים, חֲנַנְיָהן, מישָׁאֵלן, און עֲזַרְיָהן, [18] כּדי זיי זאָלן בעטן רַחמים ביי גאָט אין הימל וועגן דעמדאָזיקן סָוד, אַז דניאל און זיינע חברים זאָלן ניט אומגעבראַכט ווערן מיט די איבעריקע חכמים פון בָּבל. [19] דענסמאָל איז דער סָוד אַנטפּלעקט געוואָרן דניאלן

כ לֶאֱלָהּ שְׁמַיָּא׃ עָנֵה דָנִיֵּאל וְאָמַר לֶהֱוֵא שְׁמֵהּ דִּי־אֱלָהָא
מְבָרַךְ מִן־עָלְמָא וְעַד־עָלְמָא דִּי חָכְמְתָא וּגְבוּרְתָא דִּי־
כא לֵהּ הִיא׃ וְהוּא מְהַשְׁנֵא עִדָּנַיָּא וְזִמְנַיָּא מְהַעְדֵּה מַלְכִין
וּמְהָקֵים מַלְכִין יָהֵב חָכְמְתָא לְחַכִּימִין וּמַנְדְּעָא לְיָדְעֵי
כב בִינָה׃ הוּא גָּלֵא עַמִּיקָתָא וּמְסַתְּרָתָא יָדַע מָה בַחֲשׁוֹכָא
כג וּנְהוֹרָא עִמֵּהּ שְׁרֵא׃ לָךְ ׀ אֱלָהּ אֲבָהָתִי מְהוֹדֵא וּמְשַׁבַּח
אֲנָה דִּי חָכְמְתָא וּגְבוּרְתָא יְהַבְתְּ לִי וּכְעַן הוֹדַעְתַּנִי דִּי־
כד בְעֵינָא מִנָּךְ דִּי־מִלַּת מַלְכָּא הוֹדַעְתֶּנָא׃ כָּל־קֳבֵל דְּנָה
דָּנִיֵּאל עַל עַל־אַרְיוֹךְ דִּי מַנִּי מַלְכָּא לְהוֹבָדָה לְחַכִּימֵי בָבֶל
אֲזַל ׀ וְכֵן אֲמַר־לֵהּ לְחַכִּימֵי בָבֶל אַל־תְּהוֹבֵד הַעֵלְנִי
כה קֳדָם מַלְכָּא וּפִשְׁרָא לְמַלְכָּא אֲחַוֵּא׃ אֱדַיִן אַרְיוֹךְ
בְּהִתְבְּהָלָה הַנְעֵל לְדָנִיֵּאל קֳדָם מַלְכָּא וְכֵן אֲמַר־לֵהּ דִּי־
הַשְׁכַּחַת גְּבַר מִן־בְּנֵי גָלוּתָא דִּי יְהוּד דִּי פִשְׁרָא לְמַלְכָּא
כו יְהוֹדַע׃ עָנֵה מַלְכָּא וְאָמַר לְדָנִיֵּאל דִּי שְׁמֵהּ בֵּלְטְשַׁאצַּר
כז הַאִיתָיךְ כָּהֵל לְהוֹדָעֻתַנִי חֶלְמָא דִּי־חֲזֵית וּפִשְׁרֵהּ׃ עָנֵה
דָנִיֵּאל קֳדָם מַלְכָּא וְאָמַר רָזָא דִּי־מַלְכָּא שָׁאֵל לָא
חַכִּימִין אָשְׁפִין חַרְטֻמִּין גָּזְרִין יָכְלִין לְהַחֲוָיָה לְמַלְכָּא׃
כח בְּרַם אִיתַי אֱלָהּ בִּשְׁמַיָּא גָּלֵא רָזִין וְהוֹדַע לְמַלְכָּא
נְבוּכַדְנֶצַּר מָה דִּי לֶהֱוֵא בְּאַחֲרִית יוֹמַיָּא חֶלְמָךְ וְחֶזְוֵי
כט רֵאשָׁךְ עַל־מִשְׁכְּבָךְ דְּנָה הוּא׃ אַנְתְּה מַלְכָּא
רַעְיוֹנָךְ עַל־מִשְׁכְּבָךְ סְלִקוּ מָה דִּי לֶהֱוֵא אַחֲרֵי דְנָה וְגָלֵא
ל רָזַיָּא הוֹדְעָךְ מָה־דִי לֶהֱוֵא׃ וַאֲנָה לָא בְחָכְמָה דִּי־אִיתַי
בִּי מִן־כָּל־חַיַּיָּא רָזָא דְנָה גֱּלִי לִי לָהֵן עַל־דִּבְרַת דִּי
פִשְׁרָא לְמַלְכָּא יְהוֹדְעוּן וְרַעְיוֹנֵי לִבְבָךְ תִּנְדַּע׃
לא אַנְתְּה מַלְכָּא חָזֵה הֲוַיְתָ וַאֲלוּ צְלֵם חַד שַׂגִּיא צַלְמָא דִּכֵּן
לב רַב וְזִיוֵהּ יַתִּיר קָאֵם לְקָבְלָךְ וְרֵוֵהּ דְּחִיל׃ הוּא צַלְמָא

כב׳ ונהירא קרי   כה׳ בס״א דִּי מִן־   כו׳ יתיר י׳   כט׳ יתיר ה׳   יתיר י׳
ל׳ פתח בס״פ   לא׳ יתיר ה׳

אין אַ וועאונג פון דער נאַכט. האָט דענסמאָל דניאל געלויבט גאָט אין הימל. [20] דניאל האָט זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט:

געלויבט זאָל זיין דער נאָמען פון גאָט
פון אייביקייט ביז אייביקייט;
וואָרום חכמה און גבורה זיינען זיינע,
[21] און ער בייט די ציַיטן און די תקופות;
ער שאַפט אָפּ מלכים, און שטעלט אויף מלכים;
ער גיט חכמה צו די חכמים,
און קענשאַפט צו די וואָס קענען פאַרשטאַנדיקייט.
[22] ער אַנטפּלעקט די טיפעניש און די פאַרבאָרגעניש,
ער ווייס וואָס אין דער פינצטערניש,
און די ליכטיקייט רוט ביי אים.
[23] דיך, גאָט פון מיינע עלטערן,
טו איך דאַנקען און לויבן,
וואָס דו האָסט מיר געגעבן חכמה און גבורה,
און האָסט מיך אַצונד געמאַכט וויסן וואָס מיר האָבן
געבעטן פון דיר;
וואָס די זאַך פון מלך האָסטו אונדז געמאַכט וויסן.

[24] פון וועגן דעם איז דניאל אַרויפגעגאַנגען צו אַריוֹכן, וועמען דער מלך האָט געשטעלט אומצוברענגען די חכמים פון בָּבל; ער איז געקומען און האָט צו אים אַזוי געזאָגט: זאָלסט ניט אומברענגען די חכמים פון בָּבל; פיר מיך אַרויף פאַר דעם מלך, און איך וועל זאָגן דעם מלך דעם פּיתרון.

[25] דענסמאָל האָט אַריוֹך אַרויפגעפירט דניאלן אויף גיך פאַרן מלך, און האָט צו אים אַזוי געזאָגט: איך האָב געפונען אַ מאַן פון די גלות־קינדער פון יהודה, וואָס וועט דעם מלך מאַכן וויסן דעם פּיתרון. [26] האָט דער מלך זיך אָפּגערופן צו דניאלן וואָס זיין נאָמען איז געווען בֵּלטשאַצַר: קענסטו מיך מאַכן וויסן דעם חלום וואָס איך האָב געזען, און זיין פּיתרון? [27] האָט געענטפערט דניאל פאַר דעם מלך, און האָט געזאָגט: דעם סוֹד וואָס דער מלך פאַרלאַנגט קענען קיין חכמים, צויבערשפּרעכער, חַרטומים, שטערנזעער, דעם מלך ניט זאָגן. [28] אָבער פאַראַן אַ גאָט אין הימל וואָס אַנטפּלעקט סוֹדות, און ער האָט געלאָזט וויסן דעם מלך נבוכַדנֶצַר וואָס וועט געשען אין סוֹף פון די טעג. דיין חלום, און די וועאונגען פון דיין קאָפּ אויף דיין געלעגער, זיינען אָט־וואָס: [29] דיר, מלך, זיינען אַרויפגעקומען רעיוֹנות אויף דיין געלעגער, וואָס וועט געשען נאָכדעם, און דער וואָס אַנטפּלעקט סוֹדות האָט דיך געלאָזט וויסן וואָס וועט געשען. [30] און איך, ניט ווייל אין מיר איז דאָ מער חכמה פון אַלע לעבעדיקע, איז מיר דערדאָזיקער סוֹד אַנטפּלעקט געוואָרן, נייערט כּדי מע זאָל דעם פּיתרון מאַכן וויסן דעם מלך, און זאָלסט פאַרשטיין די רעיוֹנות פון דיין האַרצן.

[31] דו, מלך, האָסט געזען, ערשט עס שטייט אַ געוואַלטיקע געשטאַלט. דידאָזיקע געשטאַלט איז געווען גרויס, און איר גלאַנץ איז געווען אויסנאַמיק; זי איז געשטאַנען פאַר דיר, און איר אָנבליק איז געווען מוֹראדיק. [32] דידאָזיקע

רֵאשֵׁהּ דִּי־דְהַב טָב חֲדוֹהִי וּדְרָעוֹהִי דִּי כְסַף מְעוֹהִי
לג וְיַרְכָתֵהּ דִּי נְחָשׁ׃ שָׁקוֹהִי דִּי פַרְזֶל רַגְלוֹהִי מִנְּהוֹן דִּי
לד פַרְזֶל וּמִנְּהוֹן דִּי חֲסַף׃ חָזֵה הֲוַיְתָ עַד דִּי הִתְגְּזֶרֶת אֶבֶן
דִּי־לָא בִידַיִן וּמְחָת לְצַלְמָא עַל־רַגְלוֹהִי דִּי פַרְזְלָא וְחַסְפָּא
לה וְהַדֵּקֶת הִמּוֹן׃ בֵּאדַיִן דָּקוּ כַחֲדָה פַּרְזְלָא חַסְפָּא נְחָשָׁא
כַּסְפָּא וְדַהֲבָא וַהֲווֹ כְּעוּר מִן־אִדְּרֵי־קַיִט וּנְשָׂא הִמּוֹן רוּחָא
וְכָל־אֲתַר לָא־הִשְׁתְּכַח לְהוֹן וְאַבְנָא ׀ דִּי־מְחָת לְצַלְמָא
לו הֲוָת לְטוּר רַב וּמְלָת כָּל־אַרְעָא׃ דְּנָה חֶלְמָא וּפִשְׁרֵהּ
לז נֵאמַר קֳדָם־מַלְכָּא׃ אַנְתְּה מַלְכָּא מֶלֶךְ מַלְכַיָּא דִּי אֱלָהּ
לח שְׁמַיָּא מַלְכוּתָא חִסְנָא וְתָקְפָּא וִיקָרָא יְהַב־לָךְ׃ וּבְכָל־
דִּי דָאְרִין בְּנֵי־אֲנָשָׁא חֵיוַת בָּרָא וְעוֹף־שְׁמַיָּא יְהַב בִּידָךְ
לט וְהַשְׁלְטָךְ בְּכָלְּהוֹן אַנְתְּה הוּא רֵאשָׁה דִּי דַהֲבָא׃ וּבָתְרָךְ
תְּקוּם מַלְכוּ אָחֳרִי אֲרַע מִנָּךְ וּמַלְכוּ תְלִיתָיא אָחֳרִי דִּי
מ נְחָשָׁא דִּי תִשְׁלַט בְּכָל־אַרְעָא׃ וּמַלְכוּ רְבִיעָיָא תֶּהֱוֵא
תַקִּיפָה כְּפַרְזְלָא כָּל־קֳבֵל דִּי פַרְזְלָא מְהַדֵּק וְחָשֵׁל כֹּלָּא
מא וּכְפַרְזְלָא דִּי־מְרָעַע כָּל־אִלֵּין תַּדִּק וְתֵרֹעַ׃ וְדִי־חֲזַיְתָה
רַגְלַיָּא וְאֶצְבְּעָתָא מִנְּהֵון חֲסַף דִּי־פֶחָר וּמִנְּהֵון פַּרְזֶל
מַלְכוּ פְלִיגָה תֶּהֱוֵה וּמִן־נִצְבְּתָא דִּי־פַרְזְלָא לֶהֱוֵא־בַהּ
מב כָּל־קֳבֵל דִּי חֲזַיְתָה פַּרְזְלָא מְעָרַב בַּחֲסַף טִינָא׃ וְאֶצְבְּעָת
רַגְלַיָּא מִנְּהֵון פַּרְזֶל וּמִנְּהֵון חֲסַף מִן־קְצָת מַלְכוּתָא תֶּהֱוֵה
מג תַקִּיפָה וּמִנַּהּ תֶּהֱוֵא תְבִירָה׃ דִּי חֲזַיְתָ פַּרְזְלָא מְעָרַב
בַּחֲסַף טִינָא מִתְעָרְבִין לֶהֱוֹן בִּזְרַע אֲנָשָׁא וְלָא־לֶהֱוֹן דָּבְקִין
דְּנָה עִם־דְּנָה הֵא־כְדִי פַרְזְלָא לָא מִתְעָרַב עִם־חַסְפָּא׃
מד וּבְיוֹמֵיהוֹן דִּי מַלְכַיָּא אִנּוּן יְקִים אֱלָהּ שְׁמַיָּא מַלְכוּ דִּי
לְעָלְמִין לָא תִתְחַבַּל וּמַלְכוּתָה לְעַם אָחֳרָן לָא תִשְׁתְּבִק

לב׳ פתח באתנח　לג׳ מא׳ מב׳ מנהין קרי ומנהין קרי　לג׳ פתח בס״פ
לו׳ נ״א דְּנָה חלמא　לז׳ יתיר ה　לח׳ דירין קרי　יתיר ה
לט׳ יתיר א　תליתאה קרי　מ׳ רביעאה קרי　מב׳ פתח באתנח
מג׳ ודי קרי　מד׳ ה במקום א

געשטאַלט, איר קאָפּ איז געווען פון טייערן גאָלד, איר ברוסט און אירע אָרעמס פון זילבער, איר בויך און אירע לענדן פון קופּער, [33] אירע שענקלען פון אַייזן, אירע פיס, טייל פון זיי פון אַייזן און טייל פון זיי פון ליים. [34] האָסטו געקוקט ביז אַ שטיין האָט זיך אָפּגעריסן אָן עמיצנס האַנט, און האָט געשלאָגן די געשטאַלט אויף אירע פיס פון אַייזן און ליים, און האָט זיי צעשטויסן. [35] דענסט־מאָל זיינען צעשטויסן געוואָרן אין איינעם דאָס אַייזן, די ליים, דאָס קופּער, דאָס זילבער, און דאָס גאָלד, און זיי זיינען געוואָרן אַזוי ווי שפּריי פון זומערשייערן, און דער ווינט האָט זיי אַוועקגעטראָגן, און קיין צייכן איז פון זיי ניט געפונען געוואָרן. און דער שטיין וואָס האָט געשלאָגן די געשטאַלט איז געוואָרן אַ גרויסער באַרג, און האָט אָנגעפילט די גאַנצע ערד. [36] דאָס איז דער חלום; און מיר וועלן זאָגן פאַר דעם מלך זיין פּיתרון.

[37] דו, מלך, דער מלך פון מלכים, וואָס דער גאָט פון די הימלען האָט דיר געגעבן מלוכה, רייכטום, און שטאַרקייט, און כבוד, [38] און וווּ נאָר עס וווינען מענטשן־קינדער, חיות פון פעלד, אָדער פויגלען פון הימל, האָט ער געגעבן אין דיין האַנט, און דיך געמאַכט געוועלטיקן איבער זיי אַלעמען—דו ביסט דער קאָפּ פון גאָלד. [39] און נאָך דיר וועט אויפשטיין אַן אַנדער מלוכה, נידעריקער פון דיר, און נאָך אַן אַנדערע אַ דריטע מלוכה, פון קופּער, וואָס וועט געוועלטיקן איבער דער גאַנצער ערד. [40] און אַ פירטע מלוכה וועט זיין שטאַרק אַזוי ווי אַייזן; וואָרום אַייזן צעשטויסט און צעהאַקט אַלצדינג, און אַזוי ווי אַייזן וואָס צעברעכט, אַזוי וועט זי אַלע דידאָזיקע צעשטויסן און צעברעכן. [41] און וואָס דו האָסט געזען די פיס און די פינגער, טייל פון זיי טעפּערליים און טייל פון זיי אַייזן [באַטייט]: עס וועט זיין אַ געטיילטע מלוכה, און פון דער פעסטיקייט פון אַייזן וועט זיין אין איר, אַזוי ווי דו האָסט געזען אַייזן צונויפגעמישט מיט ערדליים. [42] און די פינגער פון די פיס, טייל פון זיי אַייזן און טייל פון זיי ליים [באַטייטן]: אַ טייל פון דער מלוכה וועט זיין שטאַרק, און אַ טייל פון איר וועט זיין צעבראָכן. [43] און וואָס דו האָסט געזען אַייזן צונויפגעמישט מיט ערדליים [באַטייט]: זיי וועלן זיך צונויפ־מישן דורך דעם זאָמען פון מענטשן, אָבער זיי וועלן זיך ניט באַהעפטן איינס אָן אַנדערן, אָט אַזוי ווי אַייזן מישט זיך ניט אויס מיט ליים. [44] און אין די טעג פון דידאָזיקע מלכים וועט דער גאָט פון די הימלען אויפשטעלן אַ מלוכה וואָס וועט אייביק ניט צעשטערט ווערן, און די מלוכה וועט ניט איבערגעלאָזן ווערן צו קיין אַנדער פאָלק; זי וועט

צעשטויסן און פאַרטיליקן אַלע דידאָזיקע מלוכות, און זי וועט באַשטיין אויף אייביק. 45 ווײַל וואָס דו האָסט געזען ווי פון באַרג האָט זיך אָפּגעריסן אַ שטיין אָן עמיצנס הענט, און האָט צעשטויסן דאָס אײַזן, דאָס קופּער, די ליים, דאָס זילבער, און דאָס גאָלד–דאָס האָט דער גרויסער גאָט געלאָזט וויסן דעם מלך וואָס נאָכדעם וועט געשען; און געוויס איז דער חלום, און אמת איז זײַן פּיתרון.

46 דענסמאָל איז דער מלך נבוכדנֶצַר געפאַלן אויף זײַן פּנים, און ער האָט זיך געבוקט צו דניאלן; און ער האָט באַפוילן צו ברענגען אַן אָפּפערגעשאַנק און שמעקעדיקע ריחות צו אים. 47 דער מלך האָט זיך אָפּגערופן צו דניאלן, און האָט געזאָגט: אמת אַז אײַער גאָט איז דער גאָט פון געטער, און דער האַר פון מלכים, און דער אַנט־פּלעקער פון סודות, אַז דו האָסט געקענט אַנטפּלעקן דעמדאָזיקן סָוד.

48 דענסמאָל האָט דער מלך גרויס געמאַכט דניאלן, און האָט אים געגעבן פיל גרויסע מתנות, און אים געמאַכט פאַר געוועלטיקער איבער דער גאַנצער מדינה פון בָבל, און פאַר דעם הויפּטפאָרשטייער איבער אַלע חכמים פון בָבל. 49 און דניאל האָט געבעטן בײַם מלך, און ער האָט אויפגעזעצט שַדרַכן, מֵישַכן, און עַבֵד־נגוֹן, אויף דער פירונג פון דער מדינה פון בָבל; און דניאל איז געווען אין טויער פון מלך.

תַּדִּק וְתָסֵיף כָּל־אִלֵּין מַלְכְוָתָא וְהִיא תְּקוּם לְעָלְמַיָּא׃
מה כָּל־קֳבֵל דִּי־חֲזַיְתָ דִּי מִטּוּרָא אִתְגְּזֶרֶת אֶבֶן דִּי־לָא בִידַיִן
וְהַדֶּקֶת פַּרְזְלָא נְחָשָׁא חַסְפָּא כַּסְפָּא וְדַהֲבָא אֱלָהּ רַב
הוֹדַע לְמַלְכָּא מָה דִּי לֶהֱוֵא אַחֲרֵי דְנָה וְיַצִּיב חֶלְמָא
מו וּמְהֵימַן פִּשְׁרֵהּ׃ בֵּאדַיִן מַלְכָּא נְבוּכַדְנֶצַּר נְפַל
עַל־אַנְפּוֹהִי וּלְדָנִיֵּאל סְגִד וּמִנְחָה וְנִיחֹחִין אֲמַר לְנַסָּכָה
מז לֵהּ׃ עָנֵה מַלְכָּא לְדָנִיֵּאל וְאָמַר מִן־קְשֹׁט דִּי אֱלָהֲכוֹן
הוּא אֱלָהּ אֱלָהִין וּמָרֵא מַלְכִין וְגָלֵה רָזִין דִּי יְכֵלְתָּ לְמִגְלֵא
מח רָזָא דְנָה׃ אֱדַיִן מַלְכָּא לְדָנִיֵּאל רַבִּי וּמַתְּנָן רַבְרְבָן
שַׂגִּיאָן יְהַב־לֵהּ וְהַשְׁלְטֵהּ עַל כָּל־מְדִינַת בָּבֶל וְרַב־סִגְנִין
מט עַל כָּל־חַכִּימֵי בָבֶל׃ וְדָנִיֵּאל בְּעָא מִן־מַלְכָּא וּמַנִּי עַל
עֲבִידְתָּא דִּי מְדִינַת בָּבֶל לְשַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ וְדָנִיֵּאל
בִּתְרַע מַלְכָּא׃

ג

א נְבוּכַדְנֶצַּר מַלְכָּא עֲבַד צְלֵם דִּי־דְהַב רוּמֵהּ אַמִּין שִׁתִּין
פְּתָיֵהּ אַמִּין שִׁת אֲקִימֵהּ בְּבִקְעַת דּוּרָא בִּמְדִינַת בָּבֶל׃
ב וּנְבוּכַדְנֶצַּר מַלְכָּא שְׁלַח לְמִכְנַשׁ ׀ לַאֲחַשְׁדַּרְפְּנַיָּא סִגְנַיָּא
וּפַחֲוָתָא אֲדַרְגָּזְרַיָּא גְדָבְרַיָּא דְּתָבְרַיָּא תִּפְתָּיֵא וְכֹל שִׁלְטֹנֵי
מְדִינָתָא לְמֵתֵא לַחֲנֻכַּת צַלְמָא דִּי הֲקֵים נְבוּכַדְנֶצַּר
ג מַלְכָּא׃ בֵּאדַיִן מִתְכַּנְּשִׁין אֲחַשְׁדַּרְפְּנַיָּא סִגְנַיָּא וּפַחֲוָתָא
אֲדַרְגָּזְרַיָּא גְדָבְרַיָּא דְּתָבְרַיָּא תִּפְתָּיֵא וְכֹל שִׁלְטֹנֵי מְדִינָתָא
לַחֲנֻכַּת צַלְמָא דִּי הֲקֵים נְבוּכַדְנֶצַּר מַלְכָּא וְקָאְמִין לָקֳבֵל
ד צַלְמָא דִּי הֲקֵים נְבוּכַדְנֶצַּר׃ וְכָרוֹזָא קָרֵא בְחָיִל לְכוֹן
ה אָמְרִין עַמְמַיָּא אֻמַּיָּא וְלִשָּׁנַיָּא׃ בְּעִדָּנָא דִּי־תִשְׁמְעוּן קָל
קַרְנָא מַשְׁרוֹקִיתָא קִיתְרֹס סַבְּכָא פְּסַנְתֵּרִין סוּמְפֹּנְיָה
וְכֹל זְנֵי זְמָרָא תִּפְּלוּן וְתִסְגְּדוּן לְצֶלֶם דַּהֲבָא דִּי הֲקֵים
ו נְבוּכַדְנֶצַּר מַלְכָּא׃ וּמַן־דִּי־לָא יִפֵּל וְיִסְגֻּד בַּהּ־שַׁעֲתָא

ג, ב׳ ב׳ טעמים    ב׳ ג׳ הד׳ דגושה    בס״א תפתאֵי קרי    ג׳ וקמין קרי
ה׳ יתיר י׳    בס״א שבכא

ג 1 דער מלך נבוכַדנֶצַר האָט געמאַכט אַ געשטאַלט פון גאָלד, וואָס איר הייך איז געווען זעכציק איילן, איר ברייט זעקס איילן; ער האָט זי אויפגעשטעלט אין טאָל דוראָ, אין דער מדינה פון בָבל. 2 און דער מלך נבוכַדנֶצַר האָט געשיקט אײַנזאַמלען די סאַטראַפּן, די הערשער, און די פירשטן, די ריכטער, די שאַצ־מײַנסטער, די ראַטגעבער, די אויפזעער, און אַלע געוועלטיקער פון דער מדינה, צו קומען צו דער באַנײַאונג פון דער געשטאַלט, וואָס דער מלך נבוכַדנֶצַר האָט אויפגעשטעלט. 3 דענסמאָל האָבן זיך אײַנגעזאַמלט די סאַטראַפּן, די הערשער, און די פירשטן, די ריכטער, די שאַצמײַנסטער, די ראַטגעבער, די אויפזעער, און אַלע געוועלטיקער פון דער מדינה, צו דער באַנײַאונג פון דער געשטאַלט, וואָס דער מלך נבוכַדנֶצַר האָט אויפגעשטעלט; און זיי האָבן זיך געשטעלט אַקעגן דער געשטאַלט, וואָס נבוכַדנֶצַר האָט אויפגעשטעלט. 4 און אַ שרײַער האָט אויס־געררופן אין דער הייך: אײַך באַפעלט מען, איר פעלקער, אומות און לשונות; 5 בעת איר וועט הערן דעם קָול פון דעם האָרן, פלייט, גיטאַר, פירסטרונע, האַרף, פּייפזאַק, און אַלערליי כּלֵי־זֶמֶר, זאָלט איר אַנידערפאַלן און זיך בוקן צו דער גילדערנער געשטאַלט, וואָס דער מלך נבוכַדנֶצַר האָט אויפגעשטעלט. 6 און ווער עס וועט ניט

ז יִתְרְמֵא לְגוֹא־אַתּוּן נוּרָא יָקִדְתָּא׃ כָּל־קֳבֵל דְּנָה בֵּהּ
זִמְנָא כְּדִי שָׁמְעִין כָּל־עַמְמַיָּא קָל קַרְנָא מַשְׁרוֹקִיתָא
קִיתָרֹס שַׂבְּכָא פְּסַנְטֵרִין וְכֹל זְנֵי זְמָרָא נָפְלִין כָּל־עַמְמַיָּא
אֻמַּיָּא וְלִשָּׁנַיָּא סָגְדִין לְצֶלֶם דַּהֲבָא דִּי הֲקֵים נְבוּכַדְנֶצַּר
ח מַלְכָּא׃ כָּל־קֳבֵל דְּנָה בֵּהּ זִמְנָא קְרִבוּ גֻּבְרִין כַּשְׂדָּאִין
ט וַאֲכַלוּ קַרְצֵיהוֹן דִּי יְהוּדָיֵא׃ עֲנוֹ וְאָמְרִין לִנְבוּכַדְנֶצַּר
י מַלְכָּא מַלְכָּא לְעָלְמִין חֱיִי׃ אַנְתָּה מַלְכָּא שָׂמְתָּ טְּעֵם
דִּי כָל־אֱנָשׁ דִּי יִשְׁמַע קָל קַרְנָא מַשְׁרֹקִיתָא קַיתְרֹס
שַׂבְּכָא פְּסַנְתֵּרִין וְסִיפֹּנְיָה וְכֹל זְנֵי זְמָרָא יִפֵּל וְיִסְגֻּד לְצֶלֶם
יא דַּהֲבָא׃ וּמַן־דִּי־לָא יִפֵּל וְיִסְגֻּד יִתְרְמֵא לְגוֹא־אַתּוּן נוּרָא
יב יָקִדְתָּא׃ אִיתַי גֻּבְרִין יְהוּדָאיִן דִּי־מַנִּיתָ יָתְהוֹן עַל־עֲבִידַת
מְדִינַת בָּבֶל שַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ גֻּבְרַיָּא אִלֵּךְ לָא־
שָׂמוּ עֲלָךְ מַלְכָּא טְעֵם לֵאלָהָךְ לָא פָלְחִין וּלְצֶלֶם
יג דַּהֲבָא דִּי הֲקֵימְתָּ לָא סָגְדִין׃ בֵּאדַיִן נְבוּכַדְנֶצַּר
בִּרְגַז וַחֲמָא אֲמַר לְהַיְתָיָה לְשַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ בֵּאדַיִן
יד גֻּבְרַיָּא אִלֵּךְ הֵיתָיוּ קֳדָם מַלְכָּא׃ עָנֵה נְבוּכַדְנֶצַּר וְאָמַר
לְהוֹן הַצְדָּא שַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ לֵאלָהַי לָא אִיתֵיכוֹן
טו פָּלְחִין וּלְצֶלֶם דַּהֲבָא דִּי הֲקֵימֶת לָא סָגְדִין׃ כְּעַן הֵן
אִיתֵיכוֹן עֲתִידִין דִּי בְעִדָּנָא דִּי תִשְׁמְעוּן קָל קַרְנָא
מַשְׁרוֹקִיתָא קַיתְרֹס שַׂבְּכָא פְּסַנְתֵּרִין וְסוּמְפֹּנְיָה וְכֹל ׀ זְנֵי
זְמָרָא תִּפְּלוּן וְתִסְגְּדוּן לְצַלְמָא דִּי־עַבְדֵת וְהֵן לָא תִסְגְּדוּן
בַּהּ־שַׁעֲתָה תִתְרְמוֹן לְגוֹא־אַתּוּן נוּרָא יָקִדְתָּא וּמַן־הוּא
טז אֱלָהּ דִּי יְשֵׁיזְבִנְכוֹן מִן־יְדָי׃ עֲנוֹ שַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ
וְאָמְרִין לְמַלְכָּא נְבוּכַדְנֶצַּר לָא־חַשְׁחִין אֲנַחְנָה עַל־דְּנָה
יז פִּתְגָם לַהֲתָבוּתָךְ׃ הֵן אִיתַי אֱלָהַנָא דִּי־אֲנַחְנָא פָלְחִין
יָכִל לְשֵׁיזָבוּתַנָא מִן־אַתּוּן נוּרָא יָקִדְתָּא וּמִן־יְדָךְ מַלְכָּא
יח יְשֵׁיזִב׃ וְהֵן לָא יְדִיעַ לֶהֱוֵא־לָךְ מַלְכָּא דִּי לֵאלָהָיךְ לָא־

ז׳ יתיר י   י׳ יתיר ה   יתיר י   וסומפוניה קרי   יב׳ בס״א יְהוּדָאִין
יתיר י   יתיר י   טו׳ בס״א הֵן׃   יתיר י   בס״א יְדָי
טז׳ בס״א לְמַלְכָּא נְבוּכַדְנֶצַּר   יח׳ יתיר י

אַנידערפאַלן און זיך בוקן, וועט אין דער אייגענער שעה אַרייַנגעוואָרפן ווערן אין אַן אויוון מיט ברענעדיקן פייער.

[7] דעריבער, אין יענער צייט, ווי אַלע פעלקער האָבן דערהערט דעם קָול פון דעם האָרן, פלייט, גיטאַר, פירסטרונע, האַרף, און אַלערליי כּלֵי־זֶמֶר, אַזוי זיינען אַלע פעלקער, אומות, און לשונות, אַנידערגעפאַלן און האָבן זיך געבוקט צו דער גילדערנער געשטאַלט, וואָס דער מלך נבוכַדנֶצַר האָט אויפגעשטעלט.

[8] דעריבער האָבן אין יענער צייט גענענט מענער, כַּשׂדים, און הָאָבן געמַסרט אויף די ייִדןא. [9] זיי האָבן זיך אָפּגערופן און גוזאָגט צו דעם מלך נבוכַדנֶצַר: אייביק לעבן זאָל דער מלך! [10] דו, מלך, האָסט געגעבן אַ באַפעל, אַז יעטוועדער מענטש וואָס וועט הערן דעם קָול פון דעם האָרן, פלייט, גיטאַר, פירסטרונע, האַרף, פייפואַק, און אַלערליי כּלֵי־זֶמֶר, זאָל אַנידערפאַלן און זיך בוקן צו דער גילדערנער געשטאַלט; [11] און ווער עס וועט ניט אַנידערפאַלן און זיך בוקן, זאָל אַרייַנגעוואָרפן ווערן אין אַן אויוון מיט ברענעדיקן פייער. [12] זיינען פאַראַן ייִדישע מענער וואָס דו האָסט אַרויפגעזעצט אויף דער פירונג פון דער מדינה פון בָּבל, שַדרַך, מֵישַך, און עַבֵד־נגו; דידאָזיקע מענער לייגן ניט אַכט אויף דיר, מלך, צו דיין גאָט דינען זיי ניט, און צו דער גילדערנער געשטאַלט וואָס דו האָסט אויפגעשטעלט, בוקן זיי זיך ניט.

[13] דענסמאָל האָט נבוכַדנֶצַר מיט כּעס און גרימ־צאָרן באַפוילן צו ברענגען שַדרַכן, מֵישַכן, און עַבֵד־נגון. זיינען דידאָזיקע מענער דענסמאָל געבראַכט געוואָרן פאַרן מלך. [14] האָט זיך אָפּגערופן נבוכַדנֶצַר און האָט געזאָגט צו זיי: איז דאָס בכיוון, שַדרַך, מֵישַך, און עַבֵד־נגו, וואָס איר דינט ניט צו מיין גאָט, און איר בוקט זיך ניט צו דער גילדערנער געשטאַלט, וואָס איך האָב אויפגעשטעלט? [15] אַצונד, אויב איר זייט גרייט, אַז בעת איר וועט הערן דעם קָול פון דעם האָרן, פלייט, גיטאַר, פירסטרונע, האַרף, און פייפואַק, און אַלערליי כּלֵי־זֶמֶר, זאָלט איר אַנידערפאַלן און זיך בוקן צו דער געשטאַלט, וואָס איך האָב געמאַכט—, אויב אָבער איר וועט זיך ניט בוקן, וועט איר אין דער אייגענער שעה אַרייַנגעוואָרפן ווערן אין אַן אויוון מיט ברענעדיקן פייער; און ווער איז דער גאָט, וואָס וועט אַייך מציל זיין פון מיין האַנט? [16] האָבן געענטפערט שַדרַך, מֵישַך, און עַבֵד־נגו, און האָבן געזאָגט צום מלך: נבוכַדנֶצַר, אונדז פעלט ניט אויף דעמדאָזיקן באַפעל דיר צו ענטפערן. [17] אויב אונדזער גאָט צו וועמען מיר דינען, קען אונדז מציל זיין, וועט ער פון דעם אויוון מיט ברענעדיקן פייער, און פון דיין האַנט, מלך, מציל זיין. [18] און אַפילו אַז ניט, זיי וויסן, מלך, אַז צו דיין

א וַאֲכַלוּ קַרְצֵיהוֹן דִּי יְהוּדָיֵא: און האָבן געגעסן די שטיקער אָדער פּאָרציעס פון די ייִדן.

גאָט װעלן מיר ניט דינען, און צו דער גילדערנער געשטאַלט װאָס דו האָסט אױפגעשטעלט, װעלן מיר זיך ניט בוקן.

[19] דענסמאָל איז נבוכַדנֶצַר אָנגעפילט געװאָרן מיט גרימצאָרן, און דער אָנבליק פון זײַן פּנים האָט זיך געביטן אַקעגן שַדרַכן, מֵישַכן, און עֲבֵד־נגון; האָט ער זיך אָפּגערופן און האָט באַפױלן אָנצוהײצן דעם אױװן זיבן מאָל אַזױ פיל װי מע דאַרף אים אָנהײצן. [20] און עטלעכע שטאַרקע גיבורים װאָס אין זײַן חיל האָט ער באַפױלן צו בינדן שַדרַכן, מֵישַכן, און עֲבֵד־נגון, און אַרײַנצוװאַרפן אין דעם אױװן מיט ברענעדיקן פײַער. [21] דענסמאָל זײַנען דידאָזיקע מענער געבונדן געװאָרן אין זײַערע הױזן, זײַערע העמדער, און זײַערע מאַנטלען, און זײַערע [אַנדערע] מלבושים, און מע האָט זײ אַרײַנגעװאָרפן אין דעם אױװן מיט ברענעדיקן פײַער. [22] דעריבער, װײַל דאָס װאָרט פון דעם מלך איז געװען שטרענג, און דער אױװן איז געװען שטאַרק אָנגעהײצט, האָט די פלאַם פון דעם פײַער געטײט יענע מענער װאָס האָבן אַרױפגעבראַכט שַדרַכן, מֵישַכן, און עֲבֵד־נגון. [23] און דידאָזיקע דרײ מענער, שַדרַך, מֵישַך, און עֲבֵד־נגו, זײַנען אַרײַנגעפאַלן געבונדענערהײט אין דעם אױװן מיט ברענעדיקן פײַער.

[24] דענסמאָל האָט דער מלך נבוכַדנֶצַר זיך דערשראָקן, און ער איז אױפגעשטאַנען אױף גיך, און ער האָט זיך אָפּגערופן צו זײַנע מיניסטאָרן, און האָט געזאָגט: האָבן מיר ניט דרײ מענער אַרײַנגעװאָרפן געבונדענערהײט אין פײַער? האָבן זײ געענטפערט און געזאָגט צום מלך: געװיס, מלך. [25] האָט ער זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט: אָט זע איך פיר מענער לױזע אַרומגײן אין מיטן פײַער, און קײן שעדיקונג איז אױף זײ ניטאָ; און דער אָנבליק פון דעם פירטן איז געגליכן צו אַ זון פון די געטער.

[26] דענסמאָל האָט נבוכַדנֶצַר גענענט צו דער טיר פון דעם אױװן מיט ברענעדיקן פײַער; ער האָט אױסגערופן און געזאָגט: שַדרַך, מֵישַך, און עֲבֵד־נגו, קנעכט פון העכסטן גאָט, גײט אַרױס, און קומט אַהער. דענסמאָל זײַנען שַדרַך, מֵישַך, און עֲבֵד־נגו, אַרױסגעגאַנגען פון פײַער. [27] און די סאַטראַפּן, די הערשער, און די פירשטן, און די מיניסטאָרן פון דעם מלך, האָבן זיך אײַנגעזאַמלט, און האָבן באַקוקט דידאָזיקע מענער, װאָס דאָס פײַער האָט ניט געהאַט קײן שליטה אױף זײַערע לײַבער, און די האָר פון זײער קאָפּ איז ניט אָנגעברענט געװאָרן, און זײַערע הױזן האָבן זיך ניט פאַרענדערט, און קײן ריח פון פײַער איז ניט אַריבער אױף זײ. [28] האָט אױסגערופן נבוכַדנֶצַר און האָט געזאָגט: געלױבט איז דער גאָט פון שַדרַכן, מֵישַכן, און עֲבֵד־נגון, װאָס ער האָט געשיקט זײַן מלאך, און האָט מציל געװען זײַנע קנעכט װאָס האָבן זיך פאַרלאָזט אױף אים, און האָבן געטאָן אַנדערש װי דעם מלכס װאָרט, און אָפּגעגעבן זײַערע לײַבער, כּדי זײ זאָלן ניט דינען און

אִיתַנָא פָלְחִין וּלְצֶלֶם דַּהֲבָא דִּי הֲקֵימְתָּ לָא נִסְגֻּד׃
יט בֵּאדַיִן נְבוּכַדְנֶצַּר הִתְמְלִי חֱמָא וּצְלֵם אַנְפּוֹהִי
אֶשְׁתַּנּוֹ עַל־שַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ עָנֵה וְאָמַר לְמֵזֵא
כ לְאַתּוּנָא חַד־שִׁבְעָה עַל דִּי חֲזֵה לְמֵזְיֵהּ׃ וּלְגֻבְרִין גִּבָּרֵי־
חַיִל דִּי בְחַיְלֵהּ אֲמַר לְכַפָּתָה לְשַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ
כא לְמִרְמֵא לְאַתּוּן נוּרָא יָקִדְתָּא׃ בֵּאדַיִן גֻּבְרַיָּא אִלֵּךְ כְּפִתוּ
בְּסַרְבָּלֵיהוֹן פַּטְּשֵׁיהוֹן וְכַרְבְּלָתְהוֹן וּלְבֻשֵׁיהוֹן וּרְמִיו
כב לְגוֹא־אַתּוּן נוּרָא יָקִדְתָּא׃ כָּל־קֳבֵל דְּנָה מִן־דִּי מִלַּת
מַלְכָּא מַחְצְפָה וְאַתּוּנָא אֵזֵה יַתִּירָה גֻּבְרַיָּא אִלֵּךְ דִּי
הַסִּקוּ לְשַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ קַטִּל הִמּוֹן שְׁבִיבָא דִּי
כג נוּרָא׃ וְגֻבְרַיָּא אִלֵּךְ תְּלָתֵּהוֹן שַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ
כד נְפַלוּ לְגוֹא־אַתּוּן־נוּרָא יָקִדְתָּא מְכַפְּתִין׃ אֱדַיִן
נְבוּכַדְנֶצַּר מַלְכָּא תְּוַהּ וְקָם בְּהִתְבְּהָלָה עָנֵה וְאָמַר
לְהַדָּבְרוֹהִי הֲלָא גֻבְרִין תְּלָתָה רְמֵינָא לְגוֹא־נוּרָא מְכַפְּתִין
כה עָנַיִן וְאָמְרִין לְמַלְכָּא יַצִּיבָא מַלְכָּא׃ עָנֵה וְאָמַר הָא־אֲנָה
חָזֵה גֻּבְרִין אַרְבְּעָה שְׁרַיִן מַהְלְכִין בְּגוֹא־נוּרָא וַחֲבָל לָא־
אִיתַי בְּהוֹן וְרֵוֵהּ דִּי רְבִיעָיָא דָּמֵה לְבַר־אֱלָהִין׃
כו בֵּאדַיִן קְרֵב נְבוּכַדְנֶצַּר לִתְרַע אַתּוּן נוּרָא יָקִדְתָּא עָנֵה
וְאָמַר שַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד־נְגוֹ עַבְדוֹהִי דִּי־אֱלָהָא עִלָּיָא
פֻּקוּ וֶאֱתוֹ בֵּאדַיִן נָפְקִין שַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ מִן־גּוֹא
כז נוּרָא׃ וּמִתְכַּנְּשִׁין אֲחַשְׁדַּרְפְּנַיָּא סִגְנַיָּא וּפַחֲוָתָא וְהַדָּבְרֵי
מַלְכָּא חָזַיִן לְגֻבְרַיָּא אִלֵּךְ דִּי לָא־שְׁלֵט נוּרָא בְּגֶשְׁמְהוֹן
וּשְׂעַר רֵאשְׁהוֹן לָא הִתְחָרַךְ וְסָרְבָּלֵיהוֹן לָא שְׁנוֹ וְרֵיחַ
כח נוּר לָא עֲדָת בְּהוֹן׃ עָנֵה נְבוּכַדְנֶצַּר וְאָמַר בְּרִיךְ אֱלָהֲהוֹן
דִּי־שַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ דִּי־שְׁלַח מַלְאֲכֵהּ וְשֵׁיזִב
לְעַבְדוֹהִי דִּי הִתְרְחִצוּ עֲלוֹהִי וּמִלַּת מַלְכָּא שַׁנִּיו וִיהַבוּ
גֶשְׁמְהוֹן דִּי לָא־יִפְלְחוּן וְלָא־יִסְגְּדוּן לְכָל־אֱלָהּ לָהֵן

יח׳ בס״א א׳תינא כתיב   יט׳ אֶשתני (נ״א אֶשְׁ) קרי   כא׳ יתיר י׳
כג׳ הת׳ דגושה   כה׳ ובמעאה קרי   כו׳ עלאה קרי   כז׳ כח׳ יתיר י׳

לֶאֱלָהֲהוֹן׃ וּמִנִּי שִׂים טְעֵם דִּי כָל־עַם אֻמָּה וְלִשָּׁן דִּי כט
יֵאמַר שָׁלָה עַל־אֱלָהֲהוֹן דִּי שַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹא
הַדָּמִין יִתְעֲבֵד וּבַיְתֵהּ נְוָלִי יִשְׁתַּוֵּה כָּל־קֳבֵל דִּי לָא אִיתַי
אֱלָה אָחֳרָן דִּי־יִכֻּל לְהַצָּלָה כִּדְנָה׃ בֵּאדַיִן מַלְכָּא ל
הַצְלַח לְשַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ בִּמְדִינַת בָּבֶל׃
נְבוּכַדְנֶצַּר מַלְכָּא לְכָל־עַמְמַיָּא אֻמַיָּא וְלִשָּׁנַיָּא דִּי־דָאְרִין לא
בְּכָל־אַרְעָא שְׁלָמְכוֹן יִשְׂגֵּא׃ אָתַיָּא וְתִמְהַיָּא דִּי עֲבַד עִמִּי לב
אֱלָהָא עִלָּיָא שְׁפַר קָדָמַי לְהַחֲוָיָה׃ אָתוֹהִי כְּמָה רַבְרְבִין לג
וְתִמְהוֹהִי כְּמָה תַקִּיפִין מַלְכוּתֵהּ מַלְכוּת עָלַם וְשָׁלְטָנֵהּ
עִם־דָּר וְדָר׃

ד

אֲנָה נְבוּכַדְנֶצַּר שְׁלֵה הֲוֵית בְּבַיְתִי וְרַעְנַן בְּהֵיכְלִי׃ חֵלֶם א ב
חֲזֵית וִידַחֲלִנַּנִי וְהַרְהֹרִין עַל־מִשְׁכְּבִי וְחֶזְוֵי רֵאשִׁי יְבַהֲלֻנַּנִי׃
וּמִנִּי שִׂים טְעֵם לְהַנְעָלָה קָדָמַי לְכֹל חַכִּימֵי בָבֶל דִּי־פְשַׁר ג
חֶלְמָא יְהוֹדְעֻנַּנִי׃ בֵּאדַיִן עָלִּלִין חַרְטֻמַיָּא אָשְׁפַיָּא כַּשְׂדָּיֵא ד
וְגָזְרַיָּא וְחֶלְמָא אָמַר אֲנָה קֳדָמֵיהוֹן וּפִשְׁרֵהּ לָא־מְהוֹדְעִין
לִי׃ וְעַד אָחֳרֵין עַל קָדָמַי דָּנִיֵּאל דִּי־שְׁמֵהּ בֵּלְטְשַׁאצַּר ה
כְּשֻׁם אֱלָהִי וְדִי רוּחַ־אֱלָהִין קַדִּישִׁין בֵּהּ וְחֶלְמָא קָדָמוֹהִי
אַמְרֵת׃ בֵּלְטְשַׁאצַּר רַב חַרְטֻמַיָּא דִּי ׀ אֲנָה יִדְעֵת דִּי רוּחַ ו
אֱלָהִין קַדִּישִׁין בָּךְ וְכָל־רָז לָא־אָנֵס לָךְ חֶזְוֵי חֶלְמִי דִי־
חֲזֵית וּפִשְׁרֵהּ אֱמַר׃ וְחֶזְוֵי רֵאשִׁי עַל־מִשְׁכְּבִי חָזֵה הֲוֵית ז
וַאֲלוּ אִילָן בְּגוֹא אַרְעָא וְרוּמֵהּ שַׂגִּיא׃ רְבָה אִילָנָא וּתְקִף ח
וְרוּמֵהּ יִמְטֵא לִשְׁמַיָּא וַחֲזוֹתֵהּ לְסוֹף כָּל־אַרְעָא׃ עָפְיֵהּ ט
שַׁפִּיר וְאִנְבֵּהּ שַׂגִּיא וּמָזוֹן לְכֹלָּא־בֵהּ תְּחֹתוֹהִי תַּטְלֵל ׀
חֵיוַת בָּרָא וּבְעַנְפוֹהִי יְדֻרוּן צִפֲּרֵי שְׁמַיָּא וּמִנֵּהּ יִתְּזִין כָּל־
בִּשְׂרָא׃ חָזֵה הֲוֵית בְּחֶזְוֵי רֵאשִׁי עַל־מִשְׁכְּבִי וַאֲלוּ עִיר י

ג, כט׳ שלו קרי   לא׳ דירין קרי   לב׳ עלאה קרי   ד, ב׳ פתח באתנח ובס״פ
ג, פתח בס״פ   ד׳ יתיר ל   כשדאי קרי   ה׳ יתיר י ובס״א   ר׳ בקמץ
ז׳ פתח בס״פ   ט׳ כצ״ל   יתיר י

זיך ניט בוקן צו קיין גאָט אַחוץ צו זייער גאָט. 29 פון מיר ווערט געגעבן אַ באַפעל אַז יעטוועדער פאָלק, אומה, און לשון, וואָס וועט רעדן מיט אומכבוד אויף דעם גאָט פון שַׁדרַכן, מֵישַׁכן, און עַבֵד־נגון, זאָל אין שטיקער צעריסן ווערן, און זיין הויז זאָל געמאַכט ווערן פאַר אַ מיסטהויפן; וואָרום עס איז ניטאָ קיין אַנדער גאָט וואָס קען אַזוי מציל זיין.

30 דענסמאָל האָט דער מלך דערהויבן שַׁדרַכן, מֵישַׁכן, און עַבֵד־נגון, אין דער מדינה פון בָּבל.

31 דער מלך נבוכַדנֶצַר צו אַלע פעלקער, אומות, און לשונות, וואָס וואוינען אויף דער גאַנצער ערד: אַייער פריד זאָל זיך מערן! 32 די צייכנס און די וואונדער וואָס דער העכסטער גאָט האָט מיט מיר געטאָן, איז וויל־ געפעלן פאַר מיר צו לאָזן וויסן.

זיינע צייכנס, ווי גרויס!
און זיינע וואונדער, ווי שטאַרק!
זיין מלוכה איז אַן אייביקע מלוכה,
און זיין געוועלטיקייט איז פון דָור צו דָור.

ד 1 איך נבוכַדנֶצַר בין געווען רואיק אין מיין הויז, און בליענדיק אין מיין פּאַלאַץ. 2 האָב איך אַ חלום געזען און ער האָט מיך דערשראָקן, און טראַכטענישן אויף מיין געלעגער, און זעאונגען פון מיין קאָפּ האָבן מיך צעגרוילט. 3 דרום איז פון מיר געגעבן געוואָרן אַ באַפעל, צו ברענגען פאַר מיר אַלע חכמים פון בָּבל, אַז זיי זאָלן מיך מאַכן וויסן דעם פּיתרון פון דעם חלום. 4 דענסמאָל זיינען געקומען די חַרטומים, די צויבערשפּרעכער, די כַּשׂדים, און די שטערנזעער, און איך האָב דערציילט מיין חלום פאַר זיי, אָבער זיי האָבן מיך ניט געמאַכט וויסן זיין פּיתרון. 5 נאָר צום לעצטן איז אַריינגעקומען פאַר מיר דניאל, וואָס זיין נאָמען איז בֵּלטשאַצַר, אַזוי ווי דער נאָמען פון מיין גאָט, און וואָס דער גייסט פון די הייליקע געטער איז אין אים; און איך האָב דערציילט מיין חלום פאַר אים: 6 בֵּלטשאַצַר, דו הויפּט פון די חַרטומים, וואָס איך ווייס אַז דער גייסט פון די הייליקע געטער איז אין דיר, און קיין סָוד איז פון דיר ניט פאַרהוילן, די זעאונגען פון מיין חלום וואָס איך האָב געזען און זיין פּיתרון טו זאָגן.

7 און [דאָס זיינען] די זעאונגען פון מיין קאָפּ אויף מיין געלעגער: איך האָב געזען,

ערשט אַ בוים איז אין מיטן דער ערד,
און זיין הייך איז געווען גרויס.
8 איז געוואַקסן דער בוים און געוואָרן שטאַרקער,
ביז זיין הייך האָט דערגרייכט צום הימל,
און זיין אָנזען איז געווען ביז צום עק פון דער גאַנצער
ערד.

9 זיינע בלעטער זיינען געווען שיין,
און זיין פרוכט פיל,
און שפּייז פאַר אַלעמען איז אויף אים געווען;
אונטער אים האָבן זיך געשאָטנט די חיות פון פעלד,
און אין זיינע צווייגן האָבן געוואוינט די פויגלען פון הימל,
און פון אים האָבן זיך געשפּייזט אַלע לייבער.

10 האָב איך געזען אין די זעאונגען פון מיין קאָפּ אויף מיין געלעגער, ערשט אַ מלאך און אַ הייליקער האָט

אַראָפּגענידערט פון הימל. 11 האָט ער אויסגערופן אין
דער הייך, און האָט אַזוי געזאָגט:

האַקט אָפּ דעם בוים,
און שניידט אָפּ זיינע צווייגן,
שאָקלט אַראָפּ זיינע בלעטער,
און צעשפּרייט זיין פרוכט;
זאָלן די חיות אַוועקוואַנדערן פון אונטער אים,
און די פויגלען פון זיינע צווייגן.

12 נאָר דעם שטאַם פון זיינע וואָרצלען לאָזט אין דער ערד,
און אין אַ קייט פון אַייזן און קופּער,
צווישן די גראָז פון פעלד;
און פון דעם טוי פון הימל זאָל ער באַנעצט ווערן,
און מיט די חיות זאָל זיין זיין טייל,
צווישן קרייטעכץ פון דער ערד.

13 זיין האַרץ זאָל מען פאַרבייטן פון אַ מענטשנס,
און אַ האַרץ פון אַ חיה זאָל אים געגעבן ווערן,
און זיבן צייטן זאָלן אַריבערגיין איבער אים.

14 לויט דער גזֵרה פון די וואַכערס[א] איז דער שפּרוך,
און אַ באַפעל פון די הייליקע איז די זאַך,
כּדי די לעבעדיקע זאָלן וויסן,
אַז דער אויבערשטער געוועלטיקט איבער דער
מלוכה פון מענטשן,
און צו וועמען ער וויל גיט ער זי,
און דעם נידעריקסטן פון מענטשן קען ער זעצן דערויף.

15 דעמדאָזיקן חלוֹם האָב איך, מלך נבוכַדנֶצַר, געזען,
און דו, בֵּלטשאַצַר, זאָג דעם פּיתרון, ווייל אַלע חכמים
פון מיין קיניגרייך קענען מיך ניט מאַכן וויסן דעם פּיתרון;
אָבער דו קענסט יאָ, ווייל דער גייסט פון די הייליקע איז אין דיר.

16 דענסמאָל איז דניאל, וואָס זיין נאָמען איז געווען בֵּלטשאַצַר, פאַרשטאַרט געוואָרן אַ ווײַלע, און זיינע רעיונות האָבן אים געשראָקן. האָט זיך אָפּגערופן דער מלך און האָט געזאָגט: בֵּלטשאַצַר, זאָל דער חלום און דער פּיתרון דיך ניט דערשרעקן. האָט געענטפערט בֵּלטשאַצַר און האָט געזאָגט: מיין האַר, דיין חלום אויף דיינע פיינט, און זיין פּיתרון אויף דיינע שׂונאים! 17 דער בוים וואָס דו האָסט געזען, וואָס איז געוואַקסן און געוואָרן שטאַרקער, און זיין הייך האָט דער־גרייכט ביזן הימל, און זיין אָנזען ביז דער גאַנצער ערד, 18 און זיינע בלעטער זיינען געווען שיין, און זיין פרוכט פיל, און שפּייז פאַר אַלעמען איז אויף אים געווען; וואָס אונטער אים האָבן געוווינט די חיות פון פעלד, און אין זיינע צווייגן האָבן גערוט די פויגלען פון הימל — 19 דאָס ביסט דו, מלך, וואָס דו ביסט געוואַקסן און געוואָרן שטאַרקער, און וואָס דיין גרויס־קייט איז געוואַקסן און האָט דערגרייכט ביזן הימל, און דיין געוועלטיקייט ביז עק ערד. 20 און וואָס דער מלך האָט געזען ווי אַ מלאך און אַ הייליקער האָט אַראָפּגענידערט פון הימל, און האָט געזאָגט: האַקט אָפּ דעם בוים און צעשטערט אים, נאָר דעם שטאַם פון זיינע וואָרצלען לאָזט איבער אין דער ערד, און אין אַ קייט פון אַייזן און קופּער, צווישן די גראָז פון פעלד; און פון דעם טוי פון הימל זאָל ער באַנעצט ווערן, און מיט די חיות פון פעלד זאָל זיין זיין טייל, ביז זיבן צייטן וועלן אַריבערגיין איבער אים — 21 דאָס, מלך, איז דער פּיתרון, און עס איז די גזֵרה פון דעם אויבערשטן וואָס איז

יא וְקַדִּישׁ מִן־שְׁמַיָּא נָחִת׃ קָרֵא בְחַיִל וְכֵן אָמַר גֹּדּוּ אִילָנָא
וְקַצִּצוּ עַנְפוֹהִי אַתַּרוּ עָפְיֵהּ וּבַדַּרוּ אִנְבֵּהּ תְּנֻד חֵיוְתָא מִן־
יב תַּחְתּוֹהִי וְצִפְּרַיָּא מִן־עַנְפוֹהִי׃ בְּרַם עִקַּר שָׁרְשׁוֹהִי בְּאַרְעָא
שְׁבֻקוּ וּבֶאֱסוּר דִּי־פַרְזֶל וּנְחָשׁ בְּדִתְאָא דִּי בָרָא וּבְטַל
יג שְׁמַיָּא יִצְטַבַּע וְעִם־חֵיוְתָא חֲלָקֵהּ בַּעֲשַׂב אַרְעָא׃ לִבְבֵהּ
מִן־אֲנָושָׁא יְשַׁנּוֹן וּלְבַב חֵיוָא יִתְיְהִב לֵהּ וְשִׁבְעָה עִדָּנִין
יד יַחְלְפוּן עֲלוֹהִי׃ בִּגְזֵרַת עִירִין פִּתְגָמָא וּמֵאמַר קַדִּישִׁין
שְׁאֵלְתָא עַד־דִּבְרַת דִּי יִנְדְּעוּן חַיַּיָּא דִּי־שַׁלִּיט עִלָּיָא
בְּמַלְכוּת אֲנָושָׁא וּלְמַן־דִּי יִצְבֵּא יִתְּנִנַּהּ וּשְׁפַל אֲנָשִׁים יְקִים
טו עֲלַיהּ׃ דְּנָה חֶלְמָא חֲזֵית אֲנָה מַלְכָּא נְבוּכַדְנֶצַּר וְאַנְתְּה
בֵּלְטְשַׁאצַּר פִּשְׁרֵא אֱמַר כָּל־קֳבֵל דִּי ׀ כָּל־חַכִּימֵי
מַלְכוּתִי לָא־יָכְלִין פִּשְׁרָא לְהוֹדָעוּתַנִי וְאַנְתְּה כָּהֵל דִּי
טז רוּחַ־אֱלָהִין קַדִּישִׁין בָּךְ׃ אֱדַיִן דָּנִיֵּאל דִּי־שְׁמֵהּ בֵּלְטְשַׁאצַּר
אֶשְׁתּוֹמַם כְּשָׁעָה חֲדָה וְרַעְיֹנֹהִי יְבַהֲלֻנֵּהּ עָנֵה מַלְכָּא וְאָמַר
בֵּלְטְשַׁאצַּר חֶלְמָא וּפִשְׁרֵא אַל־יְבַהֲלָךְ עָנֵה בֵלְטְשַׁאצַּר
יז וְאָמַר מָרִאי חֶלְמָא לְשָׂנְאָךְ וּפִשְׁרֵהּ לְעָרָךְ׃ אִילָנָא
דִּי חֲזַיְתָ דִּי רְבָה וּתְקִף וְרוּמֵהּ יִמְטֵא לִשְׁמַיָּא וַחֲזוֹתֵהּ
יח לְכָל־אַרְעָא׃ וְעָפְיֵהּ שַׁפִּיר וְאִנְבֵּהּ שַׂגִּיא וּמָזוֹן לְכֹלָּא־
בֵהּ תְּחֹתוֹהִי תְּדוּר חֵיוַת בָּרָא וּבְעַנְפוֹהִי יִשְׁכְּנָן צִפְּרֵי
יט שְׁמַיָּא׃ אַנְתְּה־הוּא מַלְכָּא דִּי רְבַית וּתְקֵפְתְּ וּרְבוּתָךְ
כ רְבָת וּמְטָת לִשְׁמַיָּא וְשָׁלְטָנָךְ לְסוֹף אַרְעָא׃ וְדִי חֲזָה
מַלְכָּא עִיר וְקַדִּישׁ נָחִת ׀ מִן־שְׁמַיָּא וְאָמַר גֹּדּוּ אִילָנָא
וְחַבְּלוּהִי בְּרַם עִקַּר שָׁרְשׁוֹהִי בְּאַרְעָא שְׁבֻקוּ וּבֶאֱסוּר
דִּי־פַרְזֶל וּנְחָשׁ בְּדִתְאָא דִּי בָרָא וּבְטַל שְׁמַיָּא יִצְטַבַּע
וְעִם־חֵיוַת בָּרָא חֲלָקֵהּ עַד דִּי־שִׁבְעָה עִדָּנִין יַחְלְפוּן עֲלוֹהִי׃
כא דְּנָה פִשְׁרָא מַלְכָּא וּגְזֵרַת עִלָּיָא הִיא דִּי מְטָת עַל־מָרִאי

יג׳ יתיר י — יד׳ עלאה קרי — יתיר י — יתיר י ופתח בסס, וכן כל בה, לה, עלה
טו׳ יתיר ה — א׳ במקום ה׳ מפיק — יתיר ה — טז׳ א׳ במקום ה׳ מפיק — יתיר א
יתיר י — יתיר י — יח׳ כצ״ל — יט׳ יתיר ה — יתיר י — קמץ בפשטא
כא׳ עלאה קרי — יתיר י — יתיר א׳

[א] מלאָכים.

מַלְכָּא׃ וְלָךְ טָרְדִין מִן־אֲנָשָׁא וְעִם־חֵיוַת בָּרָא לֶהֱוֵה כב
מְדֹרָךְ וְעִשְׂבָּא כְתוֹרִין ׀ לָךְ יְטַעֲמוּן וּמִטַּל שְׁמַיָּא לָךְ
מְצַבְּעִין וְשִׁבְעָה עִדָּנִין יַחְלְפוּן עֲלָךְ עַד דִּי־תִנְדַּע דִּי־
שַׁלִּיט עִלָּיָא בְּמַלְכוּת אֲנָשָׁא וּלְמַן־דִּי יִצְבֵּא יִתְּנִנַּהּ׃
וְדִי אֲמַרוּ לְמִשְׁבַּק עִקַּר שָׁרְשׁוֹהִי דִּי אִילָנָא מַלְכוּתָךְ כג
לָךְ קַיָּמָה מִן־דִּי תִנְדַּע דִּי שַׁלִּטִן שְׁמַיָּא׃ לָהֵן מַלְכָּא כד
מִלְכִּי יִשְׁפַּר עֲלָךְ וַחֲטָיָךְ בְּצִדְקָה פְרֻק וַעֲוָיָתָךְ בְּמִחַן
עֲנָיִן הֵן תֶּהֱוֵה אַרְכָה לִשְׁלֵוְתָךְ׃ כֹּלָּא מְטָא עַל־נְבוּכַדְנֶצַּר כה
מַלְכָּא׃ לִקְצָת יַרְחִין תְּרֵי־עֲשַׂר עַל־הֵיכַל מַלְכוּתָא כו
דִּי בָבֶל מְהַלֵּךְ הֲוָה׃ עָנֵה מַלְכָּא וְאָמַר הֲלָא דָא־הִיא כז
בָּבֶל רַבְּתָא דִּי־אֲנָה בֱנַיְתַהּ לְבֵית מַלְכוּ בִּתְקַף חִסְנִי
וְלִיקָר הַדְרִי׃ עוֹד מִלְּתָא בְּפֻם מַלְכָּא קָל מִן־שְׁמַיָּא כח
נְפַל לָךְ אָמְרִין נְבוּכַדְנֶצַּר מַלְכָּא מַלְכוּתָא עֲדָת מִנָּךְ׃
וּמִן־אֲנָשָׁא לָךְ טָרְדִין וְעִם־חֵיוַת בָּרָא מְדֹרָךְ עִשְׂבָּא כט
כְתוֹרִין לָךְ יְטַעֲמוּן וְשִׁבְעָה עִדָּנִין יַחְלְפוּן עֲלָךְ עַד דִּי־
תִנְדַּע דִּי־שַׁלִּיט עִלָּיָא בְּמַלְכוּת אֲנָשָׁא וּלְמַן־דִּי יִצְבֵּא
יִתְּנִנַּהּ׃ בַּהּ־שַׁעֲתָא מִלְּתָא סָפַת עַל־נְבוּכַדְנֶצַּר וּמִן־אֲנָשָׁא ל
טְרִיד וְעִשְׂבָּא כְתוֹרִין יֵאכֻל וּמִטַּל שְׁמַיָּא גִּשְׁמֵהּ יִצְטַבַּע
עַד דִּי שַׂעְרֵהּ כְּנִשְׁרִין רְבָה וְטִפְרוֹהִי כְצִפְּרִין׃ וְלִקְצָת לא
יוֹמַיָּא אֲנָה נְבוּכַדְנֶצַּר עַיְנַי ׀ לִשְׁמַיָּא נִטְלֵת וּמַנְדְּעִי עֲלַי
יְתוּב וּלְעִלָּיָא בָּרְכֵת וּלְחַי עָלְמָא שַׁבְּחֵת וְהַדְּרֵת דִּי שָׁלְטָנֵהּ
שָׁלְטָן עָלַם וּמַלְכוּתֵהּ עִם־דָּר וְדָר׃ וְכָל־דָּאְרֵי אַרְעָא כְּלָה לב
חֲשִׁיבִין וּכְמִצְבְּיֵהּ עָבֵד בְּחֵיל שְׁמַיָּא וְדָאְרֵי אַרְעָא וְלָא
אִיתַי דִּי־יְמַחֵא בִידֵהּ וְיֵאמַר לֵהּ מָה עֲבַדְתְּ׃ בֵּהּ־זִמְנָא לג
מַנְדְּעִי ׀ יְתוּב עֲלַי וְלִיקַר מַלְכוּתִי הַדְרִי וְזִוִי יְתוּב עֲלַי
וְלִי הַדָּבְרַי וְרַבְרְבָנַי יְבַעוֹן וְעַל־מַלְכוּתִי הָתְקְנַת וּרְבוּ

כב׳ יתיר י׳ — עִלָּאָה קרי — פתח בס״פ — כד׳ יתיר י׳ — וחטאך קרי
בס״א עֲנָיִן — כח׳ פתח באתנח — כט׳ יתיר י׳ — עִלָּאָה קרי — פתח בס״פ
ל׳ פתח באתנח — לא׳ ולעלאה קרי — לב׳ דירי קרי — ה׳ במקום א׳ — חיורי קרי

געקומען אויף מיין האַר דעם מלך; 22 מע וועט דיך פאַר־
טריבן פון מענטשן, און מיט די חיות פון פעלד וועט זיין
דיין וווינונג, און גראָז ווי אָקסן וועט מען דיך מאַכן עסן,
און מיט דעם טוי פון הימל וועט מען דיך באַנעצן, און
זיבן צייטן וועלן אַריבערגיין איבער דיר; ביז דו וועסט
וויסן אַז דער אויבערשטער געוועלטיקט איבער דער
מלוכה פון מענטשן, און צו וועמען ער וויל גיט ער זי.
23 און וואָס מע האָט אָנגעזאָגט, צו לאָזן דעם שטאָם פון
די וואָרצלען פון בוים [באַטייט]: דיין מלוכה וועט דיר
בלייבן נאָכדעם ווי דו וועסט דערקענען אַז די הימלען
זיינען די וואָס געוועלטיקן. 24 דרום, מלך, זאָל מיין עצה
ווילגעפעלן פאַר דיר, און טו אָפּ דיינע זינד דורך צדקה,
און דיינע פאַרברעכן דורך דערבאַרימונג אויף די אָרימע;
אויב עס קען נאָך זיין אַ פאַרלענגערונג פאַר דיין שלווה.
25 דאָס אַלץ איז געקומען אויפן מלך נבוכדנצר.
26 צום סוף פון צוועלף חדשים איז ער אומגעגאַנגען אויף
דעם קיניגלעכן פּאַלאַץ פון בבל. 27 האָט אויסגערופן
דער מלך און האָט געזאָגט: איז דאָס ניט די גרויסע בבל,
וואָס איך האָב געבויט פאַר אַ קיניגלעכן וווינאָרט מיט
מיין גרויס רייכטום, און פאַר דעם כבוד פון מיין פּראַכ־
טיקייט? 28 דאָס וואָרט איז נאָך געווען אין מלכס מויל,
איז אַראָפּ אַ קול פון הימל: דיר זאָגט מען אָן, מלך
נבוכדנצר: די מלוכה האָט זיך אָפּגעטאָן פון דיר. 29 און
פון מענטשן וועט מען דיך פאַרטרייבן, און מיט די חיות
פון פעלד וועט זיין דיין וווינונג, גראָז ווי אָקסן וועט מען
דיך מאַכן עסן, און זיבן צייטן וועלן אַריבערגיין איבער
דיר; ביז דו וועסט וויסן אַז דער אויבערשטער געוועלטיקט איבער דער מלוכה פון מענטשן, און צו וועמען ער וויל גיט
ער זי. 30 אין דער אייגענער שעה איז דערפילט געוואָרן דאָס וואָרט אויף נבוכדנצרן, און ער איז פון מענטשן פאַר־
טריבן געוואָרן, און גראָז ווי אָקסן האָט ער געגעסן, און פון דעם טוי פון הימל איז באַנעצט געוואָרן זיין לייב, ביז זיינע
האָר זיינען אויסגעוואַקסן אַזוי ווי ביי אָדלערס, און זיינע נעגל אַזוי ווי ביי פייגלען.

31 „און צום סוף פון די טעג, האָב איך, נבוכדנצר, אויפגעהויבן מיינע אויגן צום הימל, און מיין שכל האָט זיך אומ־
געקערט צו מיר, און איך האָב געבענטשט דעם אויבערשטן, און געלויבט און געאַכפּערט דעם וואָס לעבט אייביק,

וואָס זיין געוועלטיקייט איז אַן אייביקע געוועלטיקייט,
און זיין מלוכה איז אויף דור־דורות.
32 און אַלע באַוווינער פון דער ערד זיינען ווי גאָרנישט
גערעכנט;
און לויט זיין רצון טוט ער מיט דעם חיל פון הימל,
און מיט די באַוווינער פון דער ערד,
און ניטאָ ווער זאָל וועהרן זיין האַנט,
און אים זאָגן: וואָס טוסטו?

33 אין דער אייגענער שעה האָט מיין שכל זיך אומגעקערט צו מיר, און צו דעם כבוד פון מיין מלוכה, האָט מיין
פּראַכט און מיין גלאַנץ זיך אומגעקערט צו מיר; און מיינע מיניסטאָרן און מיינע גרויסע לייט האָבן מיך געזוכט; און
איך בין באַפעסטיקט געוואָרן אין מיין מלוכה, און נאָך אַ גרעסערע מאַכט איז מיר צוגעלייגט געוואָרן.

לד יַתִּירָא הוּסְפַת־לִי׃ כְּעַן אֲנָה נְבֻכַדְנֶצַּר מְשַׁבַּח וּמְרוֹמֵם
וּמְהַדַּר לְמֶלֶךְ שְׁמַיָּא דִּי כָל־מַעֲבָדוֹהִי קְשֹׁט וְאֹרְחָתֵהּ
דִּין וְדִי מַהְלְכִין בְּגֵוָה יָכִל לְהַשְׁפָּלָה׃

ה

א בֵּלְשַׁאצַּר מַלְכָּא עֲבַד לְחֶם רַב לְרַבְרְבָנוֹהִי אֲלַף וְלָקֳבֵל
ב אַלְפָּא חַמְרָא שָׁתֵה׃ בֵּלְשַׁאצַּר אֲמַר ׀ בִּטְעֵם חַמְרָא
לְהַיְתָיָה לְמָאנֵי דַּהֲבָא וְכַסְפָּא דִּי הַנְפֵּק נְבוּכַדְנֶצַּר
אֲבוּהִי מִן־הֵיכְלָא דִּי בִירוּשְׁלֶם וְיִשְׁתּוֹן בְּהוֹן מַלְכָּא
ג וְרַבְרְבָנוֹהִי שֵׁגְלָתֵהּ וּלְחֵנָתֵהּ׃ בֵּאדַיִן הַיְתִיו מָאנֵי דַהֲבָא
דִּי הַנְפִּקוּ מִן־הֵיכְלָא דִּי־בֵית אֱלָהָא דִּי בִירוּשְׁלֶם וְאִשְׁתִּיו
ד בְּהוֹן מַלְכָּא וְרַבְרְבָנוֹהִי שֵׁגְלָתֵהּ וּלְחֵנָתֵהּ׃ אִשְׁתִּיו חַמְרָא
וְשַׁבַּחוּ לֵאלָהֵי דַּהֲבָא וְכַסְפָּא נְחָשָׁא פַרְזְלָא אָעָא
ה וְאַבְנָא׃ בַּהּ־שַׁעֲתָה נְפַקוּ אֶצְבְּעָן דִּי יַד־אֱנָשׁ וְכָתְבָן לָקֳבֵל
נֶבְרַשְׁתָּא עַל־גִּירָא דִּי־כְתַל הֵיכְלָא דִּי מַלְכָּא וּמַלְכָּא
ו חָזֵה פַּס יְדָה דִּי כָתְבָה׃ אֱדַיִן מַלְכָּא זִיוֹהִי שְׁנוֹהִי
וְרַעְיֹנֹהִי יְבַהֲלוּנֵּהּ וְקִטְרֵי חַרְצֵהּ מִשְׁתָּרַיִן וְאַרְכֻבָּתֵהּ דָּא
ז לְדָא נָקְשָׁן׃ קָרֵא מַלְכָּא בְּחַיִל לְהֶעָלָה לְאָשְׁפַיָּא כַּשְׂדָּיֵא
וְגָזְרַיָּא עָנֵה מַלְכָּא וְאָמַר ׀ לְחַכִּימֵי בָבֶל דִּי כָל־אֱנָשׁ
דִּי־יִקְרֵה כְּתָבָה דְנָה וּפִשְׁרֵהּ יְחַוִּנַּנִי אַרְגְּוָנָא יִלְבַּשׁ
וְהַמְינְכָא דִּי־דַהֲבָא עַל־צַוְּארֵהּ וְתַלְתִּי בְמַלְכוּתָא יִשְׁלַט׃
ח אֱדַיִן עָלְלִין כֹּל חַכִּימֵי מַלְכָּא וְלָא־כָהֲלִין כְּתָבָא לְמִקְרֵא
ט וּפִשְׁרֵא לְהוֹדָעָה לְמַלְכָּא׃ אֱדַיִן מַלְכָּא בֵלְשַׁאצַּר
שַׂגִּיא מִתְבָּהַל וְזִיוֹהִי שָׁנַיִן עֲלוֹהִי וְרַבְרְבָנוֹהִי מִשְׁתַּבְּשִׁין׃
י מַלְכְּתָא לָקֳבֵל מִלֵּי מַלְכָּא וְרַבְרְבָנוֹהִי לְבֵית מִשְׁתְּיָא
עַלֶּלֶת עֲנָת מַלְכְּתָא וַאֲמֶרֶת מַלְכָּא לְעָלְמִין חֱיִי אַל־
יא יְבַהֲלוּךְ רַעְיוֹנָךְ וְזִיוָךְ אַל־יִשְׁתַּנּוֹ׃ אִיתַי גְּבַר בְּמַלְכוּתָךְ

ה, א׳ פתח באתנח . ה׳ נפקה קרי ו׳ מלא ודגש ז׳ כשדאי קרי והמניכא קרי
פתח בס״פ ח׳ יתיר ל׳ נ״א בבל י׳ פתח באתנח ויתיר ל׳ יתיר י׳ יתיר י׳

[34] אַצונד טו איך, נבוכַדנֶצַר, לויבן און דערהייבן און
אַכפּערן דעם קיניג פון די הימלען, וואָס אַלע זיינע
טואונגען זיינען אמת, און זיינע וועגן גערעכטיקייט, און די
וואָס גייען מיט גאווה קען ער דערנידערן״.

ה

[1] דער מלך בֵּלשאַצַר האָט געמאַכט אַ גרויסן מאָל־
צייט פאַר טויזנט פון זיינע גרויסע לייט, און האָט
געטרונקען ווין מיט די טויזנט. [2] האָט בֵּלשאַצַר, אַז ער
האָט פאַרזוכט דעם ווין, באַפוילן צו ברענגען די גיל־
דערנע און זילבערנע כלים, וואָס זיין פאָטער נבוכַדנֶצַר
האָט אַרויסגענומען פון דעם טעמפּל וואָס אין ירושָלַיִם;
כּדי דער מלך, און זיינע גרויסע לייט, זיינע ווייבער, און
זיינע קעפּסווייבער, זאָלן טרינקען אין זיי. [3] דענסמאָל
האָט מען געבראַכט די גילדערנע כלים, וואָס מע האָט
אַרויסגענומען פון דעם טעמפּל פון גאָטס הויז וואָס אין
ירושָלַיִם, און דער מלך, און זיינע גרויסע לייט, זיינע
ווייבער, און זיינע קעפּסווייבער, האָבן געטרונקען אין זיי.
[4] זיי האָבן געטרונקען ווין, און געלויבט די געטער פון
גאָלד און זילבער, פון קופּער, אַייזן, האָלץ, און שטיין.
[5] אין דער אייגענער שעה זיינען אַרויס פינגער פון אַ
מענטשנס האַנט, און האָבן געשריבן אַקעגן דעם לייכטער,
אויפן קאַלך פון דער וואַנט פון דעם מלכס פּאַלאַץ; און
דער מלך האָט געזען די האַנטפלעך וואָס האָט געשריבן. [6] דענסמאָל האָט זיך געביטן דעם מלכס פּאַרב, און זיינע
רעיונות האָבן אים געשראָקן, און די געלענקען פון זיינע לענדן זיינען לויז געוואָרן, און זיינע קני האָבן זיך געקלאַפּט
איינס אָן אַנדערן. [7] האָט דער מלך אויסגערופן אין דער הייך, מע זאָל אַריינברענגען די צויבערשפּרעכער, די כַּשׂדים,
און די שטערנזעער. דער מלך האָט זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט צו די חכמים פון בָּבל: ווער נאָר עס וועט איבער־
לייענען דאָסדאָזיקע געשריפטס, און וועט דעם פּיתרון דערפון מיר באַשיידן, וועט אין פּורפּל אָנגעקליידט ווערן, מיט
אַ גילדערנער קייט אויף זיין האַלדז, און ווי אַ דריטער אין דער מלוכה געוועלטיקן.
[8] דענסמאָל זיינען אַריינגעקומען אַלע חכמים פון מלך, אָבער זיי האָבן ניט געקענט איבערלייענען דאָס געשריפטס,
און דעם פּיתרון לאָזן וויסן דעם מלך. [9] האָט דענסמאָל דער מלך בֵּלשאַצַר זיך שטאַרק דערשראָקן, און זיין פּאַרב
האָט זיך אויף אים געביטן, און זיינע גרויסע לייט זיינען געוואָרן צעטומלט. [10] איז פון וועגן די ווערטער פון דעם מלך
און זיינע גרויסע לייט אַריינגעקומען די מלכּה אין הויז פון מאָלצייט; האָט זיך אָפּגערופן די מלכּה און האָט געזאָגט:
אייביק לעבן זאָל דער מלך! זאָלן דיינע רעיונות דיך ניט שרעקן, און דיין פּאַרב זאָל זיך ניט בייטן. [11] פאַראַן אַ מאַן

די רוח׀אלהין קדישין בה ובימי אבוך נהירו ושכלתנו
וחכמה כחכמת־אלהין השתכחת בה ומלכא נבכדנצר
אבוך רב חרטמין אשפין כשדאין גזרין הקימה אבוך
מלכא: כל־קבל די־רוח יתירה ומנדע ושכלתנו יב
מפשר׀חלמין ואחוית אחידן ומשרא קטרין השתכחת
בה בדניאל די־מלכא שם־שמה בלטשאצר כען דניאל
יתקרי ופשרה יהחוה: באדין דניאל העל קדם יג
מלכא ענה מלכא ואמר לדניאל אנתה־הוא דניאל די
מן־בני גלותא די יהוד די היתי מלכא אבי מן־יהוד:
ושמעת עליך די רוח אלהין בך ונהירו ושכלתנו וחכמה יד
יתירה השתכחת בך: וכען העלו קדמי חכימיא אשפיא טו
די־כתבה דנה יקרון ופשרה להודעתני ולא־כהלין
פשר־מלתא להחויה: ואנה שמעת עליך די־תוכל טז
פשרין למפשר וקטרין למשרא כען הן תוכל כתבא
למקרא ופשרה להודעותני ארגונא תלבש והמונכא די־
דהבא על־צוארך ותלתא במלכותא תשלט:
באדין ענה דניאל ואמר קדם מלכא מתנתך לך להוין יז
ונבזביתך לאחרן הב ברם כתבא אקרא למלכא ופשרא
אהודענה: אנתה מלכא אלהא עליא מלכותא ורבותא יח
ויקרא והדרא יהב לנבכדנצר אבוך: ומן־רבותא די יט
יהב־לה כל עממיא אמיא ולשניא הוו זאעין ודחלין מן־
קדמוהי די־הוא צבא הוה קטל ודי־הוה צבא הוה מחא
ודי־הוה צבא הוה מרים ודי־הוא צבא הוא משפל:
וכדי רם לבבה ורוחה תקפת להזדה הנחת מן־כרסא כ
מלכותה ויקרה העדיו מנה: ומן־בני אנשא טריד כא
ולבבה׀ עם־חיותא שוי ועם־ערדיא מדורה עשבא כתורין

יא׳ הכי בדגש כתר ירוא   ס״א רבו   יב׳ פתח באתנח   יג׳ יתיר ה׳   מלעיל
יד׳ יתיר י׳   טו׳ פתח באתנח   טז׳ יתיר י׳   תפול ק   תכול ק
והמניכא ק   פתח בס״פ   יז׳ ב׳ טעמים   פתח באתנח   יח׳ יתיר ה׳
עלאה ק   יט׳ זיעין ק   כ׳ ה במקום א   כא׳ שויו קרי

אין דיין קיניגרייך, וואָס דער גייסט פון די הייליקע געטער איז אין אים, און אין די טעג פון דיין פאָטער איז געפונען געוואָרן אין אים ליכטיקייט, און פאַרשטאַנדיקייט, און חכמה אַזוי ווי די חכמה פון די געטער; און דער מלך נבוכדנצר דיין פאָטער האָט אים פאַר דעם הויפּט פון די חרטומים, די צויבערשפּרעכער, די כּשׂדים, און די שטערנזעער אויפגעשטעלט—דיין פאָטער דער מלך. [12] ווייל אַן אויסנאַמיקער גייסט, און קענשאַפט, און פאַרשטאַנדיקייט, פּותר זיין חלומות, און באַשיידונג פון רעטענישן, און אָפּבינדונג פון קנופּן, זיינען געפונען געוואָרן אין אים, אין דניאלן, וואָס דער מלך האָט געמאַכט זיין נאָמען בלטשאַצר. אַצונד, זאָל דניאל גערופן ווערן, און ער וועט באַשיידן דעם פּיתרון.

[13] דענסמאָל איז דניאל אַריינגעבראַכט געוואָרן פאַר דעם מלך. האָט זיך אָפּגערופן דער מלך און האָט געזאָגט צו דניאלן: ביסטו דאָס דער דניאל וואָס פון די גלות־קינדער פון יהודה, וואָס מיין פאָטער דער מלך האָט געבראַכט פון יהודה? [14] וואָרום איך האָב געהערט אויף דיר, אַז דער גייסט פון די געטער איז אין דיר, און ליכטיקייט, און פאַרשטאַנדיקייט, און אויסנאַמיקע חכמה, געפינען זיך אין דיר. [15] און אַצונד זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן פאַר מיר די חכמים, די צויבערשפּרעכער, אַז זיי זאָלן איבערלייענען דאָסדאָזיקע געשריפטס, און מיך מאַכן וויסן דעם פּיתרון דערפון, אָבער זיי קענען דעם פּיתרון פון דער ואַך ניט באַשיידן. [16] און איך האָב געהערט אויף דיר, אַז דו קענסט פּותר זיין פּיתרונים, און אָפּבינדן קנופּן; אַצונד, אויב דו קענסט איבערלייענען דאָס געשריפטס, און מיך מאַכן וויסן דעם פּיתרון דערפון, וועסטו אין פּורפּל אָנגעקליידט ווערן, מיט אַ גילדערנער קייט אויף דיין האַלדז, און ווי אַ דריטער אין דער מלוכה געוועלטיקן.

[17] דענסמאָל האָט געענטפערט דניאל און האָט געזאָגט פאַר דעם מלך: דיינע מתנות זאָלן בלייבן ביי דיר, און דיינע באַלוינונגען גיב אַן אַנדערן; אָבער דאָס געשריפטס וועל איך דעם מלך איבערלייענען, און דעם פּיתרון וועל איך אים מאַכן וויסן. [18] דו, מלך—דער העכסטער גאָט האָט געגעבן דיין פאָטער נבוכדנצרן מלוכה, און גרויסקייט, און כּבוד, און פּראַכט. [19] און פון וועגן דער גרויסקייט וואָס ער האָט אים געגעבן, האָבן אַלע פעלקער, אומות, און לשונות, געציטערט און מורא געהאַט פאַר אים; וועמען ער האָט געוואָלט האָט ער געטייט, און וועמען ער האָט געוואָלט האָט ער געלאָזט לעבן, און וועמען ער האָט געוואָלט האָט ער דערהויבן, און וועמען ער האָט געוואָלט האָט ער דערנידערט. [20] אָבער אַז זיין האַרץ האָט זיך דערהויבן, און זיין גייסט איז געוואָרן תּקיף ביז צום מוטוויליקן, איז ער אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון דעם טראָן פון זיין מלוכה, און דעם כּבוד האָט מען אָפּגעטאָן פון אים. [21] און פון מענטשנקינדער איז ער פאַרטריבן געוואָרן, און זיין האַרץ האָט מען געמאַכט גלייך צו אַ חיהס, און מיט וואַלדאייזלען איז געווען זיין וווינונג; גראָז אַזוי

יְטַעֲמוּנֵּהּ וּמִטַּל שְׁמַיָּא גִּשְׁמֵהּ יִצְטַבַּע עַד דִּי־יְדַע דִּי־
שַׁלִּיט אֱלָהָא עִלָּיָא בְּמַלְכוּת אֲנָשָׁא וּלְמַן־דִּי יִצְבֵּא יְהָקֵים
כב עֲלַיהּ׃ וְאַנְתְּה בְּרֵהּ בֵּלְשַׁאצַּר לָא הַשְׁפֵּלְתְּ לִבְבָךְ כָּל־
כג קֳבֵל דִּי כָל־דְּנָה יְדַעְתָּ׃ וְעַל מָרֵא־שְׁמַיָּא ׀ הִתְרוֹמַמְתָּ
וּלְמָאנַיָּא דִי־בַיְתֵהּ הַיְתִיו קָדָמָיךְ וְאַנְתְּה וְרַבְרְבָנָיךְ
שֵׁגְלָתָךְ וּלְחֵנָתָךְ חַמְרָא שָׁתַיִן בְּהוֹן וְלֵאלָהֵי כַסְפָּא וְדַהֲבָא
נְחָשָׁא פַרְזְלָא אָעָא וְאַבְנָא דִּי לָא חָזַיִן וְלָא־שָׁמְעִין וְלָא
יָדְעִין שַׁבַּחְתָּ וְלֵאלָהָא דִּי־נִשְׁמְתָךְ בִּידֵהּ וְכָל־אֹרְחָתָךְ
כד לֵהּ לָא הַדַּרְתָּ׃ בֵּאדַיִן מִן־קֳדָמוֹהִי שְׁלִיחַ פַּסָּא דִי־יְדָא
כה וּכְתָבָא דְנָה רְשִׁים׃ וּדְנָה כְתָבָא דִּי רְשִׁים מְנֵא מְנֵא
כו תְּקֵל וּפַרְסִין׃ דְּנָה פְּשַׁר מִלְּתָא מְנֵא מְנָה־אֱלָהָא
כז מַלְכוּתָךְ וְהַשְׁלְמַהּ׃ תְּקֵל תְּקִילְתָּה בְמֹאזַנְיָא וְהִשְׁתְּכַחַתְּ
כח חַסִּיר׃ פְּרֵס פְּרִיסַת מַלְכוּתָךְ וִיהִיבַת לְמָדַי וּפָרָס׃
כט בֵּאדַיִן ׀ אֲמַר בֵּלְשַׁאצַּר וְהַלְבִּשׁוּ לְדָנִיֵּאל אַרְגְּוָנָא
וְהַמְנִיכָא דִי־דַהֲבָא עַל־צַוְּארֵהּ וְהַכְרִזוּ עֲלוֹהִי דִּי־לֶהֱוֵא
ל שַׁלִּיט תַּלְתָּא בְּמַלְכוּתָא׃ בֵּהּ בְּלֵילְיָא קְטִיל בֵּלְאשַׁצַּר
מַלְכָּא כַשְׂדָּיָא׃

ו

א וְדָרְיָוֶשׁ מָדָיָא קַבֵּל מַלְכוּתָא כְּבַר שְׁנִין שִׁתִּין וְתַרְתֵּין׃
ב שְׁפַר קֳדָם דָּרְיָוֶשׁ וַהֲקִים עַל־מַלְכוּתָא לַאֲחַשְׁדַּרְפְּנַיָּא
ג מְאָה וְעֶשְׂרִין דִּי לֶהֱוֺן בְּכָל־מַלְכוּתָא׃ וְעֵלָּא מִנְּהוֹן
סָרְכִין תְּלָתָה דִּי דָנִיֵּאל חַד מִנְּהוֹן דִּי לֶהֱוֺן אֲחַשְׁדַּרְפְּנַיָּא
ד אִלֵּין יָהֲבִין לְהוֹן טַעְמָא וּמַלְכָּא לָא־לֶהֱוֵא נָזִק׃ אֱדַיִן
דָּנִיֵּאל דְּנָה הֲוָא מִתְנַצַּח עַל־סָרְכַיָּא וַאֲחַשְׁדַּרְפְּנַיָּא כָּל־
קֳבֵל דִּי רוּחַ יַתִּירָא בֵּהּ וּמַלְכָּא עֲשִׁית לַהֲקָמוּתֵהּ עַל־
ה כָּל־מַלְכוּתָא׃ אֱדַיִן סָרְכַיָּא וַאֲחַשְׁדַּרְפְּנַיָּא הֲווֹ בָעַיִן עִלָּה

ה, כא׳ מלא ודגש   פתח באתנח   עלאָה קרי   פתח בס״פ ויתיר י׳
כב׳ יתיר ה׳   פתח בס״פ   כג׳ יתיר י׳   יתיר ה׳   יתיר י׳
פתח באתנח וס״פ   ס״א אֹרְ׳   כו׳ פתח בס״פ   כט׳ והמניכא קרי
ל׳ כשדאָה קרי   ו, א׳ מדאָה קרי

ווי אָקסן האָט מען אים געמאַכט עסן, און פון דעם טוי
פון הימל איז ער באַנעצט געוואָרן; ביז ער האָט געוווּסט
אַז דער העכסטער גאָט געוועלטיקט איבער דער מלוכה
פון מענטשן, און וועמען ער וויל זעצט ער דערויף. 22 און
דו, זיין זון בֵּלשאַצַר, האָסט ניט געבייגט דיין האַרץ, הגם
דו האָסט דאָס אַלץ געוווּסט, 23 נאָר דו האָסט זיך דער־
הויבן אַקעגן דעם האַר פון הימל, און די כּלים פון זיין
הויז האָט מען געבראַכט פאַר דיר, און דו, און דיינע
גרויסע לייט, דיינע ווייבער, און דיינע קעפּסווייבער,
האָבן וויין געטרונקען אין זיי, און געטער פון זילבער,
און גאָלד, קופּער, אַייזן, האָלץ, און שטיין, וואָס ניט זיי
זעען, און ניט זיי הערן, און ניט זיי ווייסן, האָסטו געלויבט;
און דעם גאָט וואָס דיין נשמה איז אין זיין האַנט, און אַלע
דיינע וועגן זיינען ביי אים, האָסטו ניט געאַכפּערט.
24 דענסמאָל איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פאַר אים די
האַנטפלעך, און האָט אָנגעצייכנט דאָסדאָזיקע געשריפטס.
25 און דאָס איז דאָס געשריפטס וואָס איז אָנגעצייכנט
געוואָרן: מְנֵא מְנֵא תְּקֵל וּפַרְסִין.[א] 26 דאָס איז דער פּיתרון
פון דער זאַך: מְנֵא, גאָט האָט אָפּגעציילט דיין מלוכה,
און האָט זי געענדיקט. 27 תְּקֵל, דו ביסט געוווֹיגן געוואָרן
אויף אַ וואָגשאָל, און ביסט געפונען געוואָרן פעליק.
28 פְּרַס, דיין מלוכה ווערט צעטיילט, און אַוועקגעגעבן
צו פָּרַס און מָדַי.

29 דענסמאָל האָט בֵּלשאַצַר באַפוילן, און מע האָט
אָנגעקליידט דניאלן אין פּורפּל, מיט אַ גילדערנער קייט
אויף זיין האַלדז, און מע האָט אויסגערופן אויף אים, אַז ער זאָל זיין אַ דריטער געוועלטיקער אין דער מלוכה.
30 אין דער אייגענער נאַכט איז בֵּלשאַצַר דער מלך פון די כַּשׂדים געטייט געוואָרן.

ו 1 און דָרְיָוֶשׁ פון מָדַי האָט איבערגענומען די מלוכה, ווען ער איז געווען אַרום צוויי און זעכציק יאָר אַלט. 2 איז
ווילגעפעלן פאַר דָרְיָוֶשן, און ער האָט אַרויפגעזעצט איבער דעם קיניגרייך הונדערט און צוואַנציק סאַטראַפּן,
וואָס זאָלן זיין אין גאַנצן קיניגרייך; 3 און איבער זיי דריי אויבערלייט וואָס דניאל איז געווען איינער פון זיי; כּדי דידאָ־
זיקע סאַטראַפּן זאָלן אָפּגעבן צו זיי רעכנשאַפט, און דער מלך זאָל ניט האָבן קיין הֶזק. 4 דענסמאָל האָט דערדאָזיקער
דניאל זיך אויסגעצייכנט איבער די אויבערלייט און די סאַטראַפּן, ווייל אַן אויסנאַמיקער גייסט איז געווען אין אים; און
דער מלך האָט געקלערט אים אַרויפצוזעצן איבער דעם גאַנצן קיניגרייך.
5 דענסמאָל האָבן די אויבערלייט און די סאַטראַפּן געזוכט אַן אויסרעד אַקעגן דניאלן בנוגע צו דער מלוכה,

[א] געציילט, געציילט, געוווֹיגן און [אין] שטיקער.

לְהַשְׁכָּחָה לְדָנִיֵּאל מִצַּד מַלְכוּתָא וְכָל־עִלָּה וּשְׁחִיתָה
לָא־יָכְלִין לְהַשְׁכָּחָה כָּל־קֳבֵל דִּי־מְהֵימַן הוּא וְכָל־שָׁלוּ
וּשְׁחִיתָה לָא הִשְׁתְּכַחַת עֲלוֹהִי׃ אֱדַיִן גֻּבְרַיָּא אִלֵּךְ אָמְרִין ו
דִּי לָא נְהַשְׁכַּח לְדָנִיֵּאל דְּנָה כָּל־עִלָּא לָהֵן הַשְׁכַּחְנָא
עֲלוֹהִי בְּדָת אֱלָהֵהּ׃ אֱדַיִן סָרְכַיָּא וַאֲחַשְׁדַּרְפְּנַיָּא אִלֵּן ז
הַרְגִּשׁוּ עַל־מַלְכָּא וְכֵן אָמְרִין לֵהּ דָּרְיָוֶשׁ מַלְכָּא לְעָלְמִין
חֱיִי׃ אִתְיָעַטוּ כֹּל ׀ סָרְכֵי מַלְכוּתָא סִגְנַיָּא וַאֲחַשְׁדַּרְפְּנַיָּא ח
הַדָּבְרַיָּא וּפַחֲוָתָא לְקַיָּמָה קְיָם מַלְכָּא וּלְתַקָּפָה אֱסָר דִּי
כָל־דִּי־יִבְעֵה בָעוּ מִן־כָּל־אֱלָהּ וֶאֱנָשׁ עַד־יוֹמִין תְּלָתִין לָהֵן
מִנָּךְ מַלְכָּא יִתְרְמֵא לְגֹב אַרְיָוָתָא׃ כְּעַן מַלְכָּא תְּקִים ט
אֱסָרָא וְתִרְשֻׁם כְּתָבָא דִּי לָא לְהַשְׁנָיָה כְּדָת־מָדַי וּפָרַס
דִּי־לָא תֶעְדֵּא׃ כָּל־קֳבֵל דְּנָה מַלְכָּא דָּרְיָוֶשׁ רְשַׁם כְּתָבָא י
וֶאֱסָרָא׃ וְדָנִיֵּאל כְּדִי יְדַע דִּי־רְשִׁים כְּתָבָא עַל לְבַיְתֵהּ יא
וְכַוִּין פְּתִיחָן לֵהּ בְּעִלִּיתֵהּ נֶגֶד יְרוּשְׁלֶם וְזִמְנִין תְּלָתָה
בְיוֹמָא הוּא ׀ בָּרֵךְ עַל־בִּרְכוֹהִי וּמְצַלֵּא וּמוֹדֵא קֳדָם
אֱלָהֵהּ כָּל־קֳבֵל דִּי־הֲוָא עָבֵד מִן־קַדְמַת דְּנָה׃ • אֱדַיִן יב
גֻּבְרַיָּא אִלֵּךְ הַרְגִּשׁוּ וְהַשְׁכַּחוּ לְדָנִיֵּאל בָּעֵא וּמִתְחַנַּן קֳדָם
אֱלָהֵהּ׃ בֵּאדַיִן קְרִבוּ וְאָמְרִין קֳדָם־מַלְכָּא עַל־אֱסָר יג
מַלְכָּא הֲלָא אֱסָר רְשַׁמְתָּ דִּי כָל־אֱנָשׁ דִּי־יִבְעֵא מִן־כָּל־
אֱלָהּ וֶאֱנָשׁ עַד־יוֹמִין תְּלָתִין לָהֵן מִנָּךְ מַלְכָּא יִתְרְמֵא לְגוֹב
אַרְיָוָתָא עָנֵה מַלְכָּא וְאָמַר יַצִּיבָא מִלְּתָא כְּדָת־מָדַי וּפָרַס
דִּי־לָא תֶעְדֵּא׃ בֵּאדַיִן עֲנוֹ וְאָמְרִין קֳדָם מַלְכָּא דִּי דָנִיֵּאל יד
דִּי מִן־בְּנֵי גָלוּתָא דִּי יְהוּד לָא־שָׂם עֲלָךְ מַלְכָּא טְעֵם
וְעַל־אֱסָרָא דִּי רְשַׁמְתָּ וְזִמְנִין תְּלָתָה בְּיוֹמָא בָּעֵא בָּעוּתֵהּ׃
אֱדַיִן מַלְכָּא כְּדִי מִלְּתָא שְׁמַע שַׂגִּיא בְּאֵשׁ עֲלוֹהִי וְעַל טו
דָּנִיֵּאל שָׂם בָּל לְשֵׁיזָבוּתֵהּ וְעַד מֶעָלֵי שִׁמְשָׁא הֲוָא מִשְׁתַּדַּר
לְהַצָּלוּתֵהּ׃ בֵּאדַיִן גֻּבְרַיָּא אִלֵּךְ הַרְגִּשׁוּ עַל־מַלְכָּא וְאָמְרִין טז

ח׳ סלוק   יב׳ חצי הספר בפסוקים   יד׳ יתיר י   פתח באתנח

אָבער זיי האָבן קיין אויסרעד און קיין פעלער ניט געקענט געפינען, ווייל ער איז געווען געטריי, און קיין פאַרזע אָדער פעלער איז ביי אים ניט געפונען געוואָרן. 6 האָבן דענסמאָל דידאָזיקע מענער געזאָגט: מיר וועלן ניט געפינען קיין אורזאַך אַקעגן דעמדאָזיקן דניאלן, סיידן מיר געפינען עס אין דעם געזעץ פון זיין גאָט. 7 דענסמאָל זיינען דידאָזיקע אויבערלייט און סאַטראַפּן געקומען מיט אימפּעט צום מלך, און האָבן צו אים אַזוי געזאָגט: אייביק לעבן זאָל דער מלך דָרְיָוֶשׁ! 8 אַלע אויבערלייט פון דער מלוכה, די הערשער, און די סאַטראַפּן, די ראַטגעבער, און די פירשטן, האָבן זיך באַקלערט, אַז דער מלך זאָל אויפשטעלן אַ געזעץ, און מאַכן אַ שטאַרקן פאַרווער, אַז איטלעכער וואָס וועט בעטן אַ געבעט פון וואָסער עס איז גאָט אָדער מענטשן ביז דרייסיק טעג, אַחוץ פון דיר, מלך, זאָל אַריינגעוואָרפן ווערן אין דער גרוב פון לייבן. 9 אַצונד, מלך, זאָלסטו אויפשטעלן דעם פאַרווער, און חתמען דאָס געשריפטס, אַז מע זאָל עס ניט ענדערן, לויט דעם געזעץ פון מָדַי און פָּרַס וואָס ווערט ניט בָּטל. 10 איבער דעם האָט דער מלך דָרְיָוֶשׁ געחתמעט דאָס געשריפטס און דעם פאַרווער.

11 און דניאל, אַז ער האָט זיך דערוווּסט אַז דאָס געשריפטס איז געחתמעט געוואָרן, איז ער אַריינגעגאַנגען אין זיין הויז — און ער האָט געהאַט פענצטער אין זיין אויבערשטוב אָפן אַקעגן ירושָלַיִם — און דריי מאָל אין טאָג האָט ער געקניט אויף זיינע קני, און תפילה געטאָן, און געגעבן אַ לויב פאַר זיין גאָט, אַזוי ווי ער פלעגט טאָן פריער. 12 דענסמאָל זיינען דידאָזיקע מענער אַריין מיט אימפּעט, און האָבן געפונען דניאלן, ווי ער בעט און איז מתפלל פאַר זיין גאָט. 13 האָבן זיי דענסמאָל גענענט, און האָבן גערעדט פאַר דעם מלך וועגן דעם מלכס פאַרווער: האָסטו ניט געחתמעט אַ פאַרווער, אַז איטלעכער מענטש וואָס וועט בעטן פון וואָסער עס איז גאָט אָדער מענטשן ביז דרייסיק טעג, אַחוץ פון דיר, מלך, זאָל אַריינגעוואָרפן ווערן אין דער גרוב פון לייבן? האָט געענטפערט דער מלך און האָט געזאָגט: די זאַך איז פעסט, לויט דעם געזעץ פון מָדַי און פָּרַס וואָס טאָר ניט אָפּגעשאַפט ווערן. 14 דענסמאָל האָבן זיי זיך אָפּגערופן און האָבן געזאָגט פאַרן מלך אַז: דניאל וואָס איז פון די גלות־קינדער פון יהודה לייגט ניט אַכט אויף דיר, מלך, און אויף דעם פאַרווער וואָס דו האָסט געחתמעט, און דריי מאָל אין טאָג בעט ער זיין געבעט. 15 דענסמאָל, אַז דער מלך האָט געהערט די זאַך, האָט אים וייער פאַרדראָסן, און ער האָט געלייגט דעם געדאַנקען אויף דניאלן, אים צו ראַטעווען, און ביז זונאונטערגאַנג האָט ער זיך געמיט אים מציל צו זיין. 16 דענסמאָל זיינען דידאָזיקע מענער געקומען מיט אימפּעט צום מלך, און האָבן געזאָגט

צום מלך: זיי וויסן, מלך, אַז עס איז אַ געזעץ פון מָדַי און פָּרַס, אַז איטלעך פאַרווער אָדער באַפעל וואָס דער מלך שטעלט אויף, איז ניט צום ענדערן. 17 דענסמאָל האָט דער מלך באַפוילן, און מע האָט געבראַכט דניאלן און אים אַריינגעוואָרפן אין דער גרוב פון לייבן. האָט זיך אָפּגערופן דער מלך און האָט געזאָגט צו דניאלן: דיין גאָט וואָס דו דינסט צו אים שטענדיק, ער וועט דיך מציל זיין. 18 און אַ שטיין איז געבראַכט געוואָרן, און איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויפן מויל פון דער גרוב, און דער מלך האָט עס פאַרחתמעט מיט זיין זיגלרינג און מיט דעם זיגלרינג פון זיינע גרויסע לייט, כּדי קיין זאַך זאָל ניט געענדערט ווערן מיט דניאלן.

19 דענסמאָל איז דער מלך אַוועק אין זיין פּאַלאַץ, און ער האָט צוגעבראַכט די נאַכט אין פאַסטן, און פאַרוויילונגען זיינען ניט געבראַכט געוואָרן פאַר אים, און זיין שלאָף האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים. 20 דענסמאָל איז דער מלך אויפגעשטאַנען באַגינען מיטן פרימאָרגנליכט, און איז האַסטיק אַוועק צו דער גרוב פון לייבן. 21 און ווי ער האָט גענענט צו דער גרוב, האָט ער געשריען צו דניאלן מיט אַ טרויעריקן קָול; דער מלך האָט גערופן צו דניאלן און האָט געזאָגט: דניאל, דו קנעכט פון דעם לעבעדיקן גאָט, האָט דער גאָט וואָס דו דינסט צו אים תּמיד, דיך געקענט מציל זיין פון די לייבן? 22 דענסמאָל האָט דניאל געזאָגט צום מלך: אייביק לעבן זאָל דער מלך! 23 מיין גאָט האָט געשיקט זיין מלאך, און ער האָט פאַרשלאָסן דאָס מויל פון די לייבן, און זיי האָבן מיר ניט שלעכטס געטאָן; ווייל פאַר אים איז מיר געפונען געוואָרן אַ זכות; און אויך אַקעגן דיר, מלך, האָב איך שלעכטס ניט געטאָן. 24 דענסמאָל האָט זיך דער מלך זייער דערפרייט, און ער האָט באַפוילן אַרויפברענגען דניאלן פון דער גרוב; און דניאל איז אַרויפגעבראַכט געוואָרן פון דער גרוב, און קיין שעדיקונג איז אויף אים ניט געפונען געוואָרן, ווייל ער האָט געגלויבט אין זיין גאָט. 25 און דער מלך האָט באַפוילן, און מע האָט געבראַכט יענע מענער וואָס האָבן געמַסרט אויף דניאלן, און מע האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין דער גרוב פון לייבן, זיי, זייערע קינדער, און זייערע ווייבער; און זיי האָבן צומאָל ניט דערגרייכט צום דעק פון דער גרוב, האָבן שוין די לייבן געוועלטיקט איבער זיי, און אַלע זייערע ביינער צעמאָלן.

26 דענסמאָל האָט דער מלך דָרְיָוֶש געשיקט צו אַלע פעלקער, אומות, און לשונות, וואָס וווינען אויף דער גאַנצער ערד: אַייער פריד זאָל זיך מערן! 27 פון מיר ווערט געגעבן אַ באַפעל, אַז אין דער גאַנצער געוועלטיקייט פון מיין קיניגרייך זאָל מען ציטערן און מורא האָבן פאַר דעם גאָט פון דניאלן;

וואָרום ער איז דער לעבעדיקער גאָט,
און ער באַשטייט אייביק,
און זיין מלוכה איז אַזאַ וואָס ווערט ניט צעשטערט,
און זיין געוועלטיקייט איז ביז צום סָוף.
28 ער ראַטעוועט און איז מציל,
און ער מאַכט צייכנס און וווּנדער,

לְמַלְכָּא דַּע מַלְכָּא דִּי־דָת לְמָדַי וּפָרַס דִּי כָל־אֱסָר וּקְיָם
יז דִּי־מַלְכָּא יְהָקֵים לָא לְהַשְׁנָיָה׃ בֵּאדַיִן מַלְכָּא אֲמַר
וְהַיְתִיו לְדָנִיֵּאל וּרְמוֹ לְגֻבָּא דִּי אַרְיָוָתָא עָנֵה מַלְכָּא
וְאָמַר לְדָנִיֵּאל אֱלָהָךְ דִּי אַנְתְּה פָּלַח־לֵהּ בִּתְדִירָא הוּא
יח יְשֵׁיזְבִנָּךְ׃ וְהֵיתָיִת אֶבֶן חֲדָה וְשֻׂמַת עַל־פֻּם גֻּבָּא וְחַתְמַהּ
מַלְכָּא בְּעִזְקְתֵהּ וּבְעִזְקָת רַבְרְבָנוֹהִי דִּי לָא־תִשְׁנֵא צְבוּ
יט בְּדָנִיֵּאל׃ אֱדַיִן אֲזַל מַלְכָּא לְהֵיכְלֵהּ וּבָת טְוָת וְדַחֲוָן לָא־
כ הַנְעֵל קָדָמוֹהִי וְשִׁנְתֵּהּ נַדַּת עֲלוֹהִי׃ בֵּאדַיִן מַלְכָּא
בִּשְׁפַּרְפָּרָא יְקוּם בְּנָגְהָא וּבְהִתְבְּהָלָה לְגֻבָּא דִּי־אַרְיָוָתָא
כא אֲזַל׃ וּכְמִקְרְבֵהּ לְגֻבָּא לְדָנִיֵּאל בְּקָל עֲצִיב זְעִק עָנֵה
מַלְכָּא וְאָמַר לְדָנִיֵּאל דָּנִיֵּאל עֲבֵד אֱלָהָא חַיָּא אֱלָהָךְ דִּי
אַנְתְּה פָּלַח־לֵהּ בִּתְדִירָא הַיְכִל לְשֵׁיזָבוּתָךְ מִן־אַרְיָוָתָא׃
כב כג אֱדַיִן דָּנִיֵּאל עִם־מַלְכָּא מַלִּל מַלְכָּא לְעָלְמִין חֱיִי׃ אֱלָהִי
שְׁלַח מַלְאֲכֵהּ וּסֲגַר פֻּם אַרְיָוָתָא וְלָא חַבְּלוּנִי כָּל־קֳבֵל
דִּי קָדָמוֹהִי זָכוּ הִשְׁתְּכַחַת לִי וְאַף קֳדָמָךְ מַלְכָּא חֲבוּלָה
כד לָא עַבְדֵת׃ בֵּאדַיִן מַלְכָּא שַׂגִּיא טְאֵב עֲלוֹהִי וּלְדָנִיֵּאל
אֲמַר לְהַנְסָקָה מִן־גֻּבָּא וְהֻסַּק דָּנִיֵּאל מִן־גֻּבָּא וְכָל־חֲבָל
כה לָא־הִשְׁתְּכַח בֵּהּ דִּי הֵימִן בֵּאלָהֵהּ׃ וַאֲמַר מַלְכָּא וְהַיְתִיו
גֻּבְרַיָּא אִלֵּךְ דִּי־אֲכַלוּ קַרְצוֹהִי דִּי דָנִיֵּאל וּלְגֹב אַרְיָוָתָא
רְמוֹ אִנּוּן בְּנֵיהוֹן וּנְשֵׁיהוֹן וְלָא־מְטוֹ לְאַרְעִית גֻּבָּא עַד דִּי־
כו שְׁלִטוּ בְהוֹן אַרְיָוָתָא וְכָל־גַּרְמֵיהוֹן הַדִּקוּ׃ בֵּאדַיִן דָּרְיָוֶשׁ
מַלְכָּא כְּתַב לְכָל־עַמְמַיָּא אֻמַיָּא וְלִשָּׁנַיָּא דִּי־דָאְרִין בְּכָל־
כז אַרְעָא שְׁלָמְכוֹן יִשְׂגֵּא׃ מִן־קֳדָמַי שִׂים טְעֵם דִּי ׀ בְּכָל־
שָׁלְטָן מַלְכוּתִי לֶהֱוֺן זָאְעִין וְדָחֲלִין מִן־קֳדָם אֱלָהֵהּ דִּי־
דָנִיֵּאל דִּי־הוּא ׀ אֱלָהָא חַיָּא וְקַיָּם לְעָלְמִין וּמַלְכוּתֵהּ
כח דִּי־לָא תִתְחַבַּל וְשָׁלְטָנֵהּ עַד־סוֹפָא׃ מְשֵׁיזִב וּמַצִּל וְעָבֵד

יז׳ יתיר י׳ יתיר ה׳ יח׳ ס״א ובעזקת כ׳ ס׳ ועירא ס׳ ובתו
פתח בס״פ כא׳ יתיר י׳ יתיר ה׳ כג׳ יתיר י׳ כו׳ דיירין קרי כז׳ זיעין קרי

אָתִין וְתִמְהִין בִּשְׁמַיָּא וּבְאַרְעָא דִּי שֵׁיזִיב לְדָנִיֵּאל מִן־יַד
אַרְיָוָתָא׃ וְדָנִיֵּאל דְּנָה הַצְלַח בְּמַלְכוּת דָּרְיָוֶשׁ וּבְמַלְכוּת כט
כּוֹרֶשׁ פַּרְסָאָה׃

ז

א בִּשְׁנַת חֲדָה לְבֵלְאשַׁאצַּר מֶלֶךְ בָּבֶל דָּנִיֵּאל חֵלֶם חֲזָה וְחֶזְוֵי
רֵאשֵׁהּ עַל־מִשְׁכְּבֵהּ בֵּאדַיִן חֶלְמָא כְתַב רֵאשׁ מִלִּין אֲמַר׃
ב עָנֵה דָנִיֵּאל וְאָמַר חָזֵה הֲוֵית בְּחֶזְוִי עִם־לֵילְיָא וַאֲרוּ
ג אַרְבַּע רוּחֵי שְׁמַיָּא מְגִיחָן לְיַמָּא רַבָּא׃ וְאַרְבַּע חֵיוָן
ד רַבְרְבָן סָלְקָן מִן־יַמָּא שָׁנְיָן דָּא מִן־דָּא׃ קַדְמָיְתָא כְאַרְיֵה
וְגַפִּין דִּי־נְשַׁר לַהּ חָזֵה הֲוֵית עַד דִּי־מְּרִיטוּ גַפַּיהּ וּנְטִילַת
מִן־אַרְעָא וְעַל־רַגְלַיִן כֶּאֱנָשׁ הֳקִימַת וּלְבַב אֱנָשׁ יְהִיב לַהּ׃
ה וַאֲרוּ חֵיוָה אָחֳרִי תִנְיָנָה דָּמְיָה לְדֹב וְלִשְׂטַר־חַד הֳקִמַת
וּתְלָת עִלְעִין בְּפֻמַּהּ בֵּין שִׁנַּהּ וְכֵן אָמְרִין לַהּ קוּמִי אֲכֻלִי
ו בְּשַׂר שַׂגִּיא׃ בָּאתַר דְּנָה חָזֵה הֲוֵית וַאֲרוּ אָחֳרִי כִּנְמַר
וְלַהּ גַּפִּין אַרְבַּע דִּי־עוֹף עַל־גַּבַּיַּהּ וְאַרְבְּעָה רֵאשִׁין לְחֵיוְתָא
ז וְשָׁלְטָן יְהִיב לַהּ׃ בָּאתַר דְּנָה חָזֵה הֲוֵית בְּחֶזְוֵי לֵילְיָא
וַאֲרוּ חֵיוָה רְבִיעָיָה דְּחִילָה וְאֵימְתָנִי וְתַקִּיפָא יַתִּירָה וְשִׁנַּיִן
דִּי־פַרְזֶל לַהּ רַבְרְבָן אָכְלָה וּמַדֱּקָה וּשְׁאָרָא בְּרַגְלַיהּ
רָפְסָה וְהִיא מְשַׁנְּיָה מִן־כָּל־חֵיוָתָא דִּי קָדָמַיהּ וְקַרְנַיִן
ח עֲשַׂר לַהּ׃ מִשְׂתַּכַּל הֲוֵית בְּקַרְנַיָּא וַאֲלוּ קֶרֶן אָחֳרִי זְעֵירָה
סִלְקָת בֵּינֵיהֵן וּתְלָת מִן־קַרְנַיָּא קַדְמָיָתָא אֶתְעֲקַרוּ מִן־
קֳדָמַיהּ וַאֲלוּ עַיְנִין כְּעַיְנֵי אֲנָשָׁא בְּקַרְנָא־דָא וּפֻם מְמַלִּל
ט רַבְרְבָן׃ חָזֵה הֲוֵית עַד דִּי כָרְסָוָן רְמִיו וְעַתִּיק יוֹמִין יְתִב
לְבוּשֵׁהּ ׀ כִּתְלַג חִוָּר וּשְׂעַר רֵאשֵׁהּ כַּעֲמַר נְקֵא כָּרְסְיֵהּ
י שְׁבִיבִין דִּי־נוּר גַּלְגִּלּוֹהִי נוּר דָּלִק׃ נְהַר דִּי־נוּר נָגֵד וְנָפֵק
מִן־קֳדָמוֹהִי אֶלֶף אַלְפִים יְשַׁמְּשׁוּנֵּהּ וְרִבּוֹ רִבְוָן קֳדָמוֹהִי

ו, כט׳ פרסאה קרי ז, א׳ פתח בס״פ ד׳ יתיר י׳ ה׳ יתיר י׳ ו׳ יתיר י׳
ז׳ ורביעאה קרי יתיר י׳ יתיר י׳ ח׳ יתיר ו׳ אתעקרה קרי יתיר י׳
ט׳ נ״א שבבין י׳ אלפין קרי ס רבתי מלא ודגש ורבבן קרי

אין הימל און אויף דער ערד;
[ער איז דער] וואָס האָט מציל געווען דניאלן
פון דער מאַכט פון די לייבן.

[29] און דערדאָזיקער דניאל האָט באַגליקט אונטער דער מלוכה פון דָריָוֶשן, און אונטער דער מלוכה פון כּוֹרֶש דעם פּרַסער.

ז [1] אין ערשטן יאָר פון בֵּלשאַצַר דעם מלך פון בָּבל, האָט דניאל געזען אַ חלום, און זעאונגען פון זיין קאָפּ אויף זיין געלעגער; דענסמאָל האָט ער אויפגעשריבן דעם חלום, און האָט דערציילט דעם עיקר פון דער זאַך. [2] דניאל האָט אָנגעהויבן און דערציילט: איך האָב געזען אין מיין זעאונג ביי נאַכט, ערשט די פיר ווינטן פון הימל האָבן אויסגעבראָכן אויפן גרויסן ים. [3] און פיר גרויסע חיות זיינען אַרויסגעקומען פון ים, איינע אַנדערש פון דער אַנדערער. [4] די ערשטע איז געווען אַזוי ווי אַ לייב, און פליגלען פון אַן אָדלער האָט זי געהאַט; איך האָב געקוקט ביז אירע פליגלען זיינען אויסגעפליקט געוואָרן, און זי איז אויפגעהויבן געוואָרן פון דער ערד, און איז אַוועקגע־שטעלט געוואָרן אויף צוויי פיס אַזוי ווי אַ מענטש, און אַ האַרץ פון אַ מענטשן איז איר געגעבן געוואָרן. [5] און זע, אַן אַנדער חיה, אַ צווייטע, איז געווען געגליכן צו אַ בער, און זי איז געשטעלט געוואָרן אויף איין זייט, און דריי ריפּן זיינען געווען אין איר מויל צווישן אירע ציינער; און אַזוי האָט מען צו איר געזאָגט: שטיי אויף, עס פלייש אַ סך. [6] דערנאָך האָב איך געזען, ערשט אַן אַנדערע, אַזוי ווי אַ לעמפּערט; און זי האָט געהאַט פיר פליגלען פון אַ פויגל אויף איר רוקן, און פיר קעפּ האָט די חיה געהאַט; און גע־וועלטיקייט איז איר געגעבן געוואָרן. [7] דערנאָך האָב איך געזען אין די זעאונגען פון דער נאַכט, ערשט אַ פירטע חיה, שרעקלעך און מוֹראדיק, און געוואַלטיק שטאַרק; און גרויסע אַייזערנע ציינער האָט זי געהאַט; זי האָט געגעסן און האָט צעמאָלן, און דעם רעשט האָט זי צעטראָטן מיט אירע פיס; און זי איז געווען אַנדערש פון אַלע חיות וואָס פאַר איר, און צען הערנער האָט זי געהאַט. [8] האָב איך באַטראַכט די הערנער, ערשט אַן אַנדער האָרן, אַ קליינער, איז אַרויסגעוואַקסן צווישן זיי, און דריי פון די פאָדערשטע הערנער זיינען אויסגעריסן געוואָרן פון פאַר אים; און זע, אויגן אַזוי ווי די אויגן פון אַ מענטשן זיינען געווען אין דעמדאָזיקן האָרן, און אַ מויל וואָס האָט גערעדט גרויס. [9] איך האָב געקוקט

ביז טראָנען האָט מען אויפגעשטעלט,
און אַן אַלטבאַטאָגטער האָט זיך געזעצט;
זיין מלבוש איז געווען ווי ווייסער שניי,
און די האָר פון זיין קאָפּ ווי לויטערע וואָל;
זיין טראָן איז געווען פלאַמען פייער,
די רעדער דערפון, ברענעדיק פייער.
[10] אַ טייך פייער האָט אַרויסגעשטראָמט,
און איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר אים;
טויזנט מאָל טויזנט האָבן אים באַדינט,
און צען טויזנט מאָל צען טויזנט זיינען פאַר אים געשטאַנען;

יא יְקוּמוּן דִּינָא יְתִב וְסִפְרִין פְּתִיחוּ׃ חָזֵה הֲוֵית בֵּאדַיִן
מִן־קָל מִלַּיָּא רַבְרְבָתָא דִּי קַרְנָא מְמַלֱּלָא חָזֵה הֲוֵית עַד
דִּי קְטִילַת חֵיוְתָא וְהוּבַד גִּשְׁמַהּ וִיהִיבַת לִיקֵדַת אֶשָּׁא׃
יב וּשְׁאָר חֵיוָתָא הֶעְדִּיו שָׁלְטָנְהוֹן וְאַרְכָה בְחַיִּין יְהִיבַת לְהוֹן
יג עַד־זְמַן וְעִדָּן׃ חָזֵה הֲוֵית בְּחֶזְוֵי לֵילְיָא וַאֲרוּ עִם־עֲנָנֵי
שְׁמַיָּא כְּבַר אֱנָשׁ אָתֵה הֲוָא וְעַד־עַתִּיק יוֹמַיָּא מְטָה
יד וּקְדָמוֹהִי הַקְרְבוּהִי׃ וְלֵהּ יְהִב שָׁלְטָן וִיקָר וּמַלְכוּ וְכֹל
עַמְמַיָּא אֻמַיָּא וְלִשָּׁנַיָּא לֵהּ יִפְלְחוּן שָׁלְטָנֵהּ שָׁלְטָן עָלַם
טו דִּי־לָא יֶעְדֵּה וּמַלְכוּתֵהּ דִּי־לָא תִתְחַבַּל׃ אֶתְכְּרִיַּת
טז רוּחִי אֲנָה דָנִיֵּאל בְּגוֹא נִדְנֶה וְחֶזְוֵי רֵאשִׁי יְבַהֲלֻנַּנִי׃ קִרְבֵת
עַל־חַד מִקָּאֲמַיָּא וְיַצִּיבָא אֶבְעֵא מִנֵּהּ עַל־כָּל־דְּנָה
יז וַאֲמַר־לִי וּפְשַׁר מִלַּיָּא יְהוֹדְעִנַּנִי׃ אִלֵּין חֵיוָתָא רַבְרְבָתָא
יח דִּי אִנִּין אַרְבַּע אַרְבְּעָה מַלְכִין יְקוּמוּן מִן־אַרְעָא׃ וִיקַבְּלוּן
מַלְכוּתָא קַדִּישֵׁי עֶלְיוֹנִין וְיַחְסְנוּן מַלְכוּתָא עַד־עָלְמָא וְעַד
יט עָלַם עָלְמַיָּא׃ אֱדַיִן צְבִית לְיַצָּבָא עַל־חֵיוְתָא רְבִיעָיְתָא
דִּי־הֲוָת שָׁנְיָה מִן־כָּלְּהֵון דְּחִילָה יַתִּירָה שִׁנַּהּ דִּי־פַרְזֶל
וְטִפְרַיהּ דִּי־נְחָשׁ אָכְלָה מַדֳּקָה וּשְׁאָרָא בְּרַגְלַיהּ רָפְסָה׃
כ וְעַל־קַרְנַיָּא עֲשַׂר דִּי בְרֵאשַׁהּ וְאָחֳרִי דִּי סִלְקַת וּנְפַלוּ
מִן־קֳדָמַיהּ תְּלָת וְקַרְנָא דִכֵּן וְעַיְנִין לַהּ וּפֻם מְמַלִּל
כא רַבְרְבָן וְחֶזְוַהּ רַב מִן־חַבְרָתַהּ׃ חָזֵה הֲוֵית וְקַרְנָא דִכֵּן
כב עָבְדָא קְרָב עִם־קַדִּישִׁין וְיָכְלָה לְהוֹן׃ עַד דִּי־אֲתָה עַתִּיק
יוֹמַיָּא וְדִינָא יְהִב לְקַדִּישֵׁי עֶלְיוֹנִין וְזִמְנָא מְטָה וּמַלְכוּתָא
כג הֶחֱסִנוּ קַדִּישִׁין׃ כֵּן אֲמַר חֵיוְתָא רְבִיעָיְתָא מַלְכוּ רְבִיעָיָה
תֶּהֱוֵא בְאַרְעָא דִּי תִשְׁנֵא מִן־כָּל־מַלְכְוָתָא וְתֵאכֻל כָּל־
כד אַרְעָא וּתְדוּשִׁנַּהּ וְתַדְּקִנַּהּ׃ וְקַרְנַיָּא עֲשַׂר מִנַּהּ מַלְכוּתָא
עַשְׂרָה מַלְכִין יְקֻמוּן וְאָחֳרָן יְקוּם אַחֲרֵיהוֹן וְהוּא יִשְׁנֵא

יד׳טו׳ טז׳ פתח בס״פ   טו׳ נ״א אֶתְ׳   יז׳ בס״א אנון כתיב   פתח באתנח
יט׳ יתיר ו׳   יתיר י׳   יתיר י׳   יתיר י׳   כ׳ ונפלה קרי   יתיר י׳
כג׳ רביעאה קרי   פתח בס״פ

אַ בית־דין איז געזעסן,
און ביכער זיינען געווען געעפנט.
[11] האָב איך דענסמאָל געקוקט פון וועגן דעם קול פון די גרויסע ווערטער וואָס דער האָרן האָט גערעדט — איך האָב געקוקט ביז די חיה איז געטייט געוואָרן, און איר לייב איז פאַרטיליקט געוואָרן, און איבערגעגעבן געוואָרן צום בראַנד פון פייער. [12] און פון די איבעריקע חיות האָט מען אָפּגעטאָן זייער געוועלטיקייט, אָבער אַ פאַרלענגערונג פון לעבן איז זיי געגעבן געוואָרן ביז אַ צייט און שעה.

[13] איך האָב געזען אין זעאונגען פון דער נאַכט,
ערשט אויף וואָלקנס פון הימל
איז אָנגעקומען אַזוי ווי אַ מענטשנקינד,
און ביז דעם אַלטבאַטאָגטן האָט ער דערגרייכט,
און מע האָט אים געבראַכט פאַר אים.
[14] און אים איז געגעבן געוואָרן געוועלטיקייט,
און כבוד, און מלוכה,
אַז אַלע פעלקער, אומות, און לשונות,
זאָלן דינען צו אים;
זיין געוועלטיקייט אַן אייביקע געוועלטיקייט, וואָס
פאַרגייט ניט,
און זיין מלוכה, אַזאַ וואָס ווערט ניט צעשטערט.

[15] איז מיר, דניאל, באַטריבט געוואָרן מיין געמיט אין לייב, און די זעאונגען פון מיין קאָפּ האָבן מיך געשראָקן. [16] האָב איך גענענט צו איינעם פון די וואָס זיינען געשטאַנען דערביי, און איך האָב געפרעגט די ריכטיקייט וועגן דעם אַלעם, און ער האָט מיר דערציילט, און האָט מיך געמאַכט וויסן דעם פּיתרון פון די זאַכן: [17] די דאָזיקע גרויסע חיות, וואָס זיינען פיר, זיינען פיר מלכים וואָס וועלן אויפשטיין אויף דער ערד. [18] אָבער די הייליקע פון דעם העכסטן וועלן איבערנעמען די מלוכה, און זיי וועלן האַלטן די מלוכה ביז אייביקייט און ביז אייביקאייביקייטן. [19] דענסמאָל האָב איך געוואָלט וויסן די ריכטיקייט וועגן דער פירטער חיה, וואָס איז געווען אַנדערש פון זיי אַלעמען — זייער מורא־דיק, וואָס אירע ציינער זיינען געווען פון אייזן, און אירע נעגל פון קופּער, וואָס האָט געגעסן, צעמאָלן, און דעם רעשט צעטראָטן מיט אירע פיס; [20] און וועגן די צען הערנער וואָס אויף איר קאָפּ, און דעם אַנדערן וואָס איז אויסגעוואַקסן, און דריי זיינען אַרויסגעפאַלן פון פאַר אים — דעמדאָזיקן האָרן וואָס האָט געהאַט אויגן, און אַ מויל וואָס האָט גערעדט גרויס, און זיין אויסזען איז געווען גרעסער ווי פון זיינע חברים. [21] איך האָב געזען ווי דערדאָזיקער האָרן האָט געמאַכט אַ מלחמה מיט די הייליקע, און איז זיי ביינגעקומען; [22] ביז דער אַלטבאַטאָגטער איז געקומען, און רעכט איז געגעבן געוואָרן די הייליקע פון דעם העכסטן, און די צייט איז געקומען, און די מלוכה האָבן פאַרנומען די הייליקע. [23] האָט ער אַזוי געזאָגט: די פירטע חיה [באַטייט]: אַ פירטע מלוכה וועט זיין אויף דער ערד, וואָס וועט זיין אַנדערש פון אַלע מלוכות, און זי וועט פאַרצערן די גאַנצע ערד, און וועט זי צעטרעטן און צעמאָלן. [24] און די צען הערנער [באַטייטן]: פון דערדאָזיקער מלוכה וועלן אויפשטיין צען מלכים, און נאָך אַן אַנדערער וועט אויפשטיין נאָך זיי, און ער וועט זיין

כה מקדמיא ותלתה מלכין יהשפל: ומלין לצד עליא
ימלל ולקדישי עליונין יבלא ויסבר להשניה זמנין ודת
כו ויתיהבון בידה עד־עדן ועדנין ופלג עדן: ודינא יתב
כז ושלטנה יהעדון להשמדה ולהובדה עד־סופא: ומלכותא
ושלטנא ורבותא די מלכות תחות כל־שמיא יהיבת
לעם קדישי עליונין מלכותה מלכות עלם וכל שלטניא
כח לה יפלחון וישתמעון: עד־כה סופא די־מלתא אנה
דניאל שגיא ׀ רעיוני יבהלנני וזיוי ישתנון עלי ומלתא
בלבי נטרת:

ח

א בשנת שלוש למלכות בלאשצר המלך חזון נראה אלי
ב אני דניאל אחרי הנראה אלי בתחלה: ואראה בחזון
ויהי בראתי ואני בשושן הבירה אשר בעילם המדינה
ג ואראה בחזון ואני הייתי על־אובל אולי: ואשא עיני
ואראה והנה ׀ איל אחד עמד לפני האבל ולו קרנים
והקרנים גבהות והאחת גבהה מן־השנית והגבהה
ד עלה באחרנה: ראיתי את־האיל מנגח ימה וצפונה
ונגבה וכל־חיות לא־יעמדו לפניו ואין מציל מידו ועשה
ה כרצנו והגדיל: ואני ׀ הייתי מבין והנה צפיר־העזים בא
מן־המערב על־פני כל־הארץ ואין נוגע בארץ והצפיר
ו קרן חזות בין עיניו: ויבא עד־האיל בעל הקרנים אשר
ז ראיתי עמד לפני האבל וירץ אליו בחמת כחו: וראיתיו
מגיע ׀ אצל האיל ויתמרמר אליו ויך את־האיל וישבר
את־שתי קרניו ולא־היה כח באיל לעמד לפניו וישליכהו
ח ארצה וירמסהו ולא־היה מציל לאיל מידו: וצפיר
העזים הגדיל עד־מאד וכעצמו נשברה הקרן הגדלה
ותעלנה חזות ארבע תחתיה לארבע רוחות השמים:

ז, כה׳ עלאה קרי   ח, ו׳ כ״א האכל

אַנדערש פון די פריערדיקע, און דריי מלכים וועט ער אַראָפּוואַרפן. [25] און ווערטער אַקעגן דעם העכסטן וועט ער רעדן, און די הייליקע פון דעם העכסטן וועט ער מאַטערן, און ער וועט טראַכטן צו ענדערן די צייטן און דאָס געזעץ; און זיי וועלן איבערגעגעבן ווערן אין זיין האַנט, ביז אַ צייט און צייטן און אַ האַלבע צייט. [26] אָבער אַ בית־דין וועט זיצן, און זיין געוועלטיקייט וועט מען אַוועקנעמען, כּדי זי צו פאַרטיליקן און אונטערברענגען ביזן סוף. [27] און די מלוכה, און די געוועלטיקייט, און די גרויסקייט פון די קיניגרייכן אונטערן גאַנצן הימל, וועט איבערגעגעבן ווערן צו דעם פאָלק פון הייליקע פון דעם העכסטן; זייער מלוכה וועט זיין אַן אייביקע מלוכה, און אַלע געוועלטיקער וועלן דינען און געהאָרכן צו זיי.

[28] ביז דאַנען איז דער סוף פון דער זאַך. מיך, דניאל, האָבן מיינע רעיונות זייער געשראָקן, און מיין פאַרב האָט זיך אויף מיר געביטן, און איך האָב די זאַך באַהאַלטן אין מיין האַרצן.

ח [1] אין דריטן יאָר פון מלך בּעלשאַצרס מלוכה האָט זיך אַ זעאונג באַוויזן צו מיר, צו מיר דניאל, נאָך דעם וואָס האָט זיך צו מיר באַוויזן אין אָנהייב. [2] און איך האָב געזען אין אַ זעאונג – און אַז איך האָב עס געזען, בין איך געווען אין דער הויפּטשטאָט שושן, אין דער מדינה עילָם – איך האָב געזען אין אַ זעאונג, ווי איך בין ביי דעם שטראָם אולַי. [3] און איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן, און האָב אַ קוק געטאָן, ערשט אַ ווידער שטייט פאַר דעם שטראָם, און ער האָט צוויי הערנער, און די צוויי הערנער זיינען הויכע, און איינער איז העכער פון צווייטן, און דער העכערער איז אַרויסגעוואַקסן צולעצט. [4] האָב איך געזען דעם ווידער שטויסן צו מערב, און צו צפון, און צו דָרום, און קיין חיה האָט זיך ניט געקענט שטעלן אַקעגן אים, און עס איז ניט געווען ווער זאָל מציל זיין פון זיין האַנט; און ער האָט געטאָן לויט זיין ווילן, און האָט זיך געגרייסט.

[5] און ווי איך האָב דאָס באַטראַכט, ערשט אַ ציגנבאָק איז אָנגעקומען פון מערב־זייט איבערן גערזיכט פון דער גאַנצער ערד, אָבער ער האָט ניט אָנגערירט די ערד; און דער באָק האָט געהאַט אַן אָנזעעוודיקן האָרן צווישן זיינע אויגן. [6] און ער איז צוגעקומען ביז צו דעם ווידער מיט די הערנער, וואָס איך האָב געזען שטיין פאַרן שטראָם, און ער איז אַרויפגעלאָפן אויף אים מיט דעם אימפּעט פון זיין כּוח. [7] און איך האָב אים געזען זיך אָנשטויסן אָן דעם ווידער, און ער איז געווען דערביטערט אויף אים, און ער האָט געשלאָגן דעם ווידער, און האָט צעבראָכן זיינע ביידע הערנער; און דער ווידער האָט ניט געהאַט קיין כּוח צו באַשטיין פאַר אים; און ער האָט אים אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד, און האָט אים געטרעטן, און עס איז ניט געווען ווער זאָל מציל זיין דעם ווידער פון זיין האַנט. [8] און דער ציגנבאָק האָט זיך זייער געגרייסט; אָבער אין זיין רעכטער שטאַרקייט, האָט זיך אָפּגעבראָכן דער גרויסער האָרן, און דאָס אויסזען פון פיר איז אַרויסגעוואַקסן אויף זיין אָרט, אַקעגן די פירווינטן פון הימל.

ט וּמִן־הָאַחַת מֵהֶם יָצָא קֶרֶן־אַחַת מִצְּעִירָה וַתִּגְדַּל־יֶתֶר
י אֶל־הַנֶּגֶב וְאֶל־הַמִּזְרָח וְאֶל־הַצֶּבִי׃ וַתִּגְדַּל עַד־צְבָא
הַשָּׁמָיִם וַתַּפֵּל אַרְצָה מִן־הַצָּבָא וּמִן־הַכּוֹכָבִים וַתִּרְמְסֵם׃
יא וְעַד שַׂר־הַצָּבָא הִגְדִּיל וּמִמֶּנּוּ הֻרַם הַתָּמִיד וְהֻשְׁלַךְ
יב מְכוֹן מִקְדָּשׁוֹ׃ וְצָבָא תִּנָּתֵן עַל־הַתָּמִיד בְּפָשַׁע וְתַשְׁלֵךְ
יג אֱמֶת אַרְצָה וְעָשְׂתָה וְהִצְלִיחָה׃ וָאֶשְׁמְעָה אֶחָד־קָדוֹשׁ
מְדַבֵּר וַיֹּאמֶר אֶחָד קָדוֹשׁ לַפַּלְמוֹנִי הַמְדַבֵּר עַד־מָתַי
הֶחָזוֹן הַתָּמִיד וְהַפֶּשַׁע שֹׁמֵם תֵּת וְקֹדֶשׁ וְצָבָא מִרְמָס׃
יד וַיֹּאמֶר אֵלַי עַד עֶרֶב בֹּקֶר אַלְפַּיִם וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת וְנִצְדַּק
טו קֹדֶשׁ׃ וַיְהִי בִּרְאֹתִי אֲנִי דָנִיֵּאל אֶת־הֶחָזוֹן וָאֲבַקְשָׁה בִינָה
טז וְהִנֵּה עֹמֵד לְנֶגְדִּי כְּמַרְאֵה־גָבֶר׃ וָאֶשְׁמַע קוֹל־אָדָם בֵּין
אוּלָי וַיִּקְרָא וַיֹּאמַר גַּבְרִיאֵל הָבֵן לְהַלָּז אֶת־הַמַּרְאֶה׃
יז וַיָּבֹא אֵצֶל עָמְדִי וּבְבֹאוֹ נִבְעַתִּי וָאֶפְּלָה עַל־פָּנָי וַיֹּאמֶר
יח אֵלַי הָבֵן בֶּן־אָדָם כִּי לְעֶת־קֵץ הֶחָזוֹן׃ וּבְדַבְּרוֹ עִמִּי
נִרְדַּמְתִּי עַל־פָּנַי אָרְצָה וַיִּגַּע־בִּי וַיַּעֲמִידֵנִי עַל־עָמְדִי׃
יט וַיֹּאמֶר הִנְנִי מוֹדִיעֲךָ אֵת אֲשֶׁר־יִהְיֶה בְּאַחֲרִית הַזָּעַם כִּי
כ לְמוֹעֵד קֵץ׃ הָאַיִל אֲשֶׁר־רָאִיתָ בַּעַל הַקְּרָנָיִם מַלְכֵי מָדַי
כא וּפָרָס׃ וְהַצָּפִיר הַשָּׂעִיר מֶלֶךְ יָוָן וְהַקֶּרֶן הַגְּדוֹלָה אֲשֶׁר
כב בֵּין־עֵינָיו הוּא הַמֶּלֶךְ הָרִאשׁוֹן׃ וְהַנִּשְׁבֶּרֶת וַתַּעֲמֹדְנָה
אַרְבַּע תַּחְתֶּיהָ אַרְבַּע מַלְכֻיוֹת מִגּוֹי יַעֲמֹדְנָה וְלֹא בְכֹחוֹ׃
כג וּבְאַחֲרִית מַלְכוּתָם כְּהָתֵם הַפֹּשְׁעִים יַעֲמֹד מֶלֶךְ עַז־פָּנִים
כד וּמֵבִין חִידוֹת׃ וְעָצַם כֹּחוֹ וְלֹא בְכֹחוֹ וְנִפְלָאוֹת יַשְׁחִית
כה וְהִצְלִיחַ וְעָשָׂה וְהִשְׁחִית עֲצוּמִים וְעַם־קְדֹשִׁים׃ וְעַל־
שִׂכְלוֹ וְהִצְלִיחַ מִרְמָה בְּיָדוֹ וּבִלְבָבוֹ יַגְדִּיל וּבְשַׁלְוָה יַשְׁחִית
כו רַבִּים וְעַל שַׂר־שָׂרִים יַעֲמֹד וּבְאֶפֶס יָד יִשָּׁבֵר׃ וּמַרְאֵה
הָעֶרֶב וְהַבֹּקֶר אֲשֶׁר נֶאֱמַר אֱמֶת הוּא וְאַתָּה סְתֹם הֶחָזוֹן
כז כִּי לְיָמִים רַבִּים׃ וַאֲנִי דָנִיֵּאל נִהְיֵיתִי וְנֶחֱלֵיתִי יָמִים

ט׳ סבירין יצאה   יא׳ הורם קרי

9 און פון איינעם פון זיי איז אַרויסגעגאַנגען אַ קליינער האָרן, און ער איז געוואָרן זייער גרויס קעגן דָרום, און קעגן מורח, און קעגן דעם שיינעם לאַנד. 10 און ער איז געוואָרן גרויס ביז צו דעם חיל פון הימל, און האָט אַראָפּגעוואָרפן צו דער ערד טייל פון דעם חיל — פון די שטערן, און האָט זיי צעטרעטן. 11 און ביז צו דעם האַר פון חיל האָט ער זיך געגרייסט; און דער שטענדיקער קרבן איז פון אים אַוועקגענומען געוואָרן, און דער אָרט פון זיין הייליקטום איז אַיינגעוואָרפן געוואָרן. 12 און דער חיל איז איבערגעגעבן געוואָרן אין איינעם מיט דעם שטענדיקן קרבן דורך פאַרברעך; און ער האָט געשליידערט דעם אמת צו דער ערד, און ער האָט אויפגעטאָן און האָט באַגליקט. 13 און איך האָב געהערט ווי איין הייליקער האָט גערעדט, און איין הייליקער האָט געזאָגט צו דעם אומבאַקענטן וואָס האָט גערעדט: אויף ביז וואַנען איז די זעאונג וועגן דעם שטענדיקן קרבן, און דעם פאַרברעך וואָס צעגרוילט, דאָס איבערגעבן אי דאָס הייליקטום אי דעם חיל צום צעטרעטן? 14 האָט ער צו מיר געזאָגט: ביז צוויי טויזנט און דריי הונדערט אָוונטן און פרימאָרגנס; דענסמאָל וועט דאָס הייליקטום קומען צו זיין רעכט.

15 און עס איז געווען, ווי איך, דניאל, האָב געזען די זעאונג, און האָב געזוכט צו פאַרשטיין, ערשט אַקעגן מיר שטייט אַזוי ווי דאָס אויסזען פון אַ מאַן. 16 און איך האָב געהערט דעם קָול פון אַ מענטשן איבערן אולַי, און ער האָט אויסגערופן און האָט געזאָגט: גַבריאֵל, גיב דעם־דאָזיקן צו פאַרשטיין די זעאונג. 17 איז ער צוגעקומען לעבן וווּ איך בין געשטאַנען, און ווי ער איז צוגעקומען, אַזוי בין איך דערשראָקן געוואָרן, און בין געפאַלן אויף מיין פנים; האָט ער צו מיר געזאָגט: פאַרשטיי, דו מענטשנקינד, וואָרום פאַר דער צייט פון קֵץ[א] איז די זעאונג. 18 און ווי ער האָט צו מיר גערעדט, בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן אויף מיין פנים צו דער ערד; האָט ער מיך אָנגערירט, און האָט מיך ווידער אויפגעשטעלט וווּ איך בין געשטאַנען. 19 און ער האָט געזאָגט: זע, איך מאַך דיך וויסן וואָס וועט געשען אין סָוף פון דעם צאָרן, וואָרום דאָס איז פאַר דער צייט פון קֵץ[א]. 20 דער ווידער וואָס דו האָסט געזען, מיט די צוויי הערנער, דאָס זיינען די מלכים פון מָדַי און פָּרַס. 21 און דער האָריקער באָק איז דער מלך פון יָוָן; און דער גרויסער האָרן וואָס צווישן זיינע אויגן, דאָס איז דער ערשטער מלך. 22 און דער צעבראָכענער וואָס אויף זיין אָרט זיינען אויפגעשטאַנען פיר [באַטייט]: פיר מלוכות וועלן אויפשטיין פון דעם פאָלק, אָבער אָן זיין מאַכט. 23 און אין סָוף פון זייער מלוכה, אַז די פאַרברעכער וועלן האָבן אויסגעפירט, וועט אויפשטיין אַ מלך מיט אַ פאַרשייטן פנים, וואָס פאַרשטייט זיך אויף ליסטיקייטן. 24 און זיין מאַכט וועט זיין גרויס, אָבער ניט מיט זיין אייגענעם כּוח; און ער וועט וווּנדערלעך צעשטערן, און וועט באַגליקן און אויפטאָן; און ער וועט אומברענגען די מאַכטיקע, און דאָס פאָלק פון הייליקע. 25 און דורך זיין שׂכל וועט ער באַגליקן אין דעם באַטרוג פון זיין האַנט; און ער וועט זיך גרייסן אין זיין האַרצן, און אין מיטן פון שלום וועט ער אומברענגען פיל, און אַקעגן דעם האַר פון די האַרן וועט ער זיך שטעלן; אָבער אָן עמיצנס האַנט וועט ער צעבראָכן ווערן. 26 און די זעאונג פון די אָוונטן און פרימאָרגנס וואָס איז אָנגעזאָגט געוואָרן איז אמת; אָבער דו באַהאַלט די זעאונג, וואָרום דאָס איז אויף פיל טעג אַרום.

27 און איך, דניאל, בין פיל טעג געווען צעבראָכן און קראַנק; דערנאָך בין איך אויפגעשטאַנען, און האָב געטאָן

א דער סָוף, די גאולה־צייט.

וָאָקוּם וָאֶעֱשֶׂה אֶת־מְלֶאכֶת הַמֶּלֶךְ וָאֶשְׁתּוֹמֵם עַל־הַמַּרְאֶה
וְאֵין מֵבִין׃

ט

א בִּשְׁנַת אַחַת לְדָרְיָוֶשׁ בֶּן־אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ מִזֶּרַע מָדָי אֲשֶׁר
ב הָמְלַךְ עַל מַלְכוּת כַּשְׂדִּים׃ בִּשְׁנַת אַחַת לְמָלְכוֹ אֲנִי
דָּנִיֵּאל בִּינֹתִי בַּסְּפָרִים מִסְפַּר הַשָּׁנִים אֲשֶׁר הָיָה דְבַר־
יְהוָה אֶל־יִרְמְיָה הַנָּבִיא לְמַלֹּאות לְחָרְבוֹת יְרוּשָׁלַםִ שִׁבְעִים
ג שָׁנָה׃ וָאֶתְּנָה אֶת־פָּנַי אֶל־אֲדֹנָי הָאֱלֹהִים לְבַקֵּשׁ תְּפִלָּה
ד וְתַחֲנוּנִים בְּצוֹם וְשַׂק וָאֵפֶר׃ וָאֶתְפַּלְלָה לַיהוָה אֱלֹהַי
וָאֶתְוַדֶּה וָאֹמְרָה אָנָּא אֲדֹנָי הָאֵל הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא שֹׁמֵר
ה הַבְּרִית וְהַחֶסֶד לְאֹהֲבָיו וּלְשֹׁמְרֵי מִצְוֺתָיו׃ חָטָאנוּ וְעָוִינוּ
ו וְהִרְשַׁעְנוּ וּמָרָדְנוּ וְסוֹר מִמִּצְוֺתֶךָ וּמִמִּשְׁפָּטֶיךָ׃ וְלֹא
שָׁמַעְנוּ אֶל־עֲבָדֶיךָ הַנְּבִיאִים אֲשֶׁר דִּבְּרוּ בְּשִׁמְךָ אֶל־
ז מְלָכֵינוּ שָׂרֵינוּ וַאֲבֹתֵינוּ וְאֶל כָּל־עַם הָאָרֶץ׃ לְךָ אֲדֹנָי
הַצְּדָקָה וְלָנוּ בֹּשֶׁת הַפָּנִים כַּיּוֹם הַזֶּה לְאִישׁ יְהוּדָה וּלְיוֹשְׁבֵי
יְרוּשָׁלַםִ וּלְכָל־יִשְׂרָאֵל הַקְּרֹבִים וְהָרְחֹקִים בְּכָל־הָאֲרָצוֹת
ח אֲשֶׁר הִדַּחְתָּם שָׁם בְּמַעֲלָם אֲשֶׁר מָעֲלוּ־בָךְ׃ יְהוָה לָנוּ
בֹּשֶׁת הַפָּנִים לִמְלָכֵינוּ לְשָׂרֵינוּ וְלַאֲבֹתֵינוּ אֲשֶׁר חָטָאנוּ
ט לָךְ׃ לַאדֹנָי אֱלֹהֵינוּ הָרַחֲמִים וְהַסְּלִחוֹת כִּי מָרַדְנוּ בּוֹ׃
י וְלֹא שָׁמַעְנוּ בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהֵינוּ לָלֶכֶת בְּתוֹרֹתָיו אֲשֶׁר
יא נָתַן לְפָנֵינוּ בְּיַד עֲבָדָיו הַנְּבִיאִים׃ וְכָל־יִשְׂרָאֵל עָבְרוּ אֶת־
תּוֹרָתֶךָ וְסוֹר לְבִלְתִּי שְׁמוֹעַ בְּקֹלֶךָ וַתִּתַּךְ עָלֵינוּ הָאָלָה
וְהַשְּׁבֻעָה אֲשֶׁר כְּתוּבָה בְּתוֹרַת מֹשֶׁה עֶבֶד־הָאֱלֹהִים כִּי
יב חָטָאנוּ לוֹ׃ וַיָּקֶם אֶת־דְּבָרָיו ׀ אֲשֶׁר־דִּבֶּר עָלֵינוּ וְעַל
שֹׁפְטֵינוּ אֲשֶׁר שְׁפָטוּנוּ לְהָבִיא עָלֵינוּ רָעָה גְדֹלָה אֲשֶׁר
לֹא־נֶעֶשְׂתָה תַּחַת כָּל־הַשָּׁמַיִם כַּאֲשֶׁר נֶעֶשְׂתָה בִּירוּשָׁלָםִ׃
יג כַּאֲשֶׁר כָּתוּב בְּתוֹרַת מֹשֶׁה אֵת כָּל־הָרָעָה הַזֹּאת בָּאָה

ט, ד׳ ל׳ מלא דגש ה׳ יתיר ו׳ יב׳ יתיר י׳

די אַרבעט פאַרן מלך; און איך בין געווען אַ צעגרוילטער פון דער זעאונג, אָבער קיינער האָט ניט געמערקט.

ט

[1] אין ערשטן יאָר פון דָריָוֶש דעם זון פון אַחַשוֵרוֹש פון דעם אָפּשטאַם פון מָדַי, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר אַ מלך איבער דעם קיניגרייך פון די כַּשׂדים, [2] אין ערשטן יאָר פון זיין מלוכה, האָב איך, דניאל, גאָכגעקוקט אין די ספרים די צאָל פון די יאָרן וואָס דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו יִרמִיָה הנביא, צו דערפילן אויף די חורבות פון ירושָלַיִם — זיבעציק יאָר. [3] און איך האָב געקערט מיין פנים צו גאָט דעם האַר, צו בעטן אַ תפילה און אַ בקשה מיט פאַסטן, און זאַק און אַש. [4] און איך האָב מתפלל געווען צו יהוה מיין גאָט, און האָב מיך מתוודה געווען, און האָב געזאָגט: איך בעט דיך גאָט, דו גרויסער און פאַרכטיקער גאָט, וואָס היט דעם בונד און די גענאָד צו די וואָס האָבן אים ליב, און צו די וואָס היטן זיינע געבאָט, [5] מיר האָבן געזינדיקט, און פאַרבראָכן, און שלעכטס געטאָן, און ווידערשפעניקט, און זיך אָפּגעקערט פון דיינע געבאָט און דיינע געזעצן; [6] און מיר האָבן ניט צוגעהערט צו דיינע קנעכט די נביאים, וואָס האָבן גערעדט אין דיין נאָמען צו אונדזערע מלכים, אונדזערע האַרן, און אונדזערע עלטערן, און צו דעם גאַנצן פאָלק פון לאַנד. [7] צו דיר, גאָט, איז די גערעכטיקייט, און צו אונדז איז הייניקן טאָג די שאַנד פון פנים — צו די מענער פון יהודה, און צו די באַוווינער פון ירושָלַיִם, און צו גאַנץ ישׂראל, די נאָנטע און די ווייטע, אין אַלע לענדער וואָס דו האָסט זיי פאַרשטויסן אַהין, פון וועגן דער פעלשונג וואָס זיי האָבן געפעלשט אָן דיר. [8] גאָט, צו אונדז איז די שאַנד פון פנים, צו אונדזערע מלכים, צו אונדזערע האַרן, און צו אונדזערע עלטערן, ווייל מיר האָבן געזינדיקט צו דיר. [9] ביי גאָט אונדזער האַר איז די דערבאַרימונג און די פאַרגעבונג; וואָרום מיר האָבן ווידערשפעניקט אָן אים, [10] און מיר האָבן ניט צוגעהערט צו דעם קול פון יהוה אונדזער גאָט, צו גיין אין זיינע לערנונגען, וואָס ער האָט אַוועקגעלייגט פאַר אונדז דורך דער האַנט פון זיינע קנעכט די נביאים. [11] און גאַנץ ישׂראל האָבן איבערגעטרעטן דיין תּורה, און זיך אָפּגעקערט, ניט צוצוהערן צו דיין קול, און אויף אונדז איז אויסגעגאָסן געוואָרן די קללה און די שבועה וואָס שטייט געשריבן אין דער תּורה פון משה דעם קנעכט פון גאָט, ווייל מיר האָבן געזינדיקט צו אים. [12] און ער האָט מקיים געווען זיין וואָרט, וואָס ער האָט גערעדט וועגן אונדז, און וועגן אונדזערע שופטים וואָס האָבן אונדז געמשפּט, צו ברענגען אויף אונדז אַ גרויס בייז, וואָס איז ניט געשען אונטערן גאַנצן הימל אַזוי ווי עס איז געשען צו ירושָלַיִם. [13] אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דער תּורה פון משהן, איז דאָס דאָזיקע גאַנצע בייז

געקומען אויף אונדז; אָבער מיר האָבן ניט געבעטן פאַר יהוה אונדזער גאָט, כּדי זיך אומצוקערן פון אונדזערע זינד, און זיך צו קליגן אין דיין אמת. [14] און גאָט האָט אויפגעפּאַסט אויף דעם בייז, און האָט עס געבראַכט אויף אונדז, וואָרום יהוה אונדזער גאָט איז גערעכט אין אַלע זיינע טואונגען וואָס ער האָט געטאָן, און מיר האָבן ניט צוגעהערט צו זיין קול. [15] און אַצונד, יהוה אונדזער גאָט, דו וואָס האָסט אַרויסגעצויגן דיין פאָלק פון לאַנד מִצרַיִם מיט אַ שטאַרקער האַנט, און דיר געמאַכט אַ נאָמען אַזוי ווי אויף היינטיקן טאָג – מיר האָבן געזינדיקט, מיר האָבן שלעכטס געטאָן. [16] גאָט, לויט אַלע דיינע גערעכטיקייטן, זאָל, איך בעט דיך, זיך אָפּקערן דיין כּעס און דיין גרימצאָרן פון דיין שטאָט ירושָלַיִם, דיין הייליקן באַרג, וואָרום פון וועגן אונדזערע זינד, און פון וועגן די פאַרברעכן פון אונדזערע עלטערן, איז ירושָלַיִם און דיין פאָלק צו שאַנד ביי אַלע אונדזערע אַרומיקע. [17] און אַצונד, אונדזער גאָט, הער צו די תּפילה פון דיין קנעכט, און זיין בקשה, און דערלייכט דיין פּנים אויף דיין פאַרוויסטן הייליקטום פון גאָטס וועגן. [18] נייג, מיין גאָט, דיין אויער, און הער, עפן דיינע אויגן, און זע אונדזערע פאַרוויסטונגען, און די שטאָט וואָס דיין נאָמען ווערט אויף איר גערופן, וואָרום ניט פון וועגן אונדזערע גערעכטיקייטן מאַכן מיר פאַלן פאַר דיר אונדזער בקשה, נייערט פון וועגן דיין גרויס דערבאַרימונג. [19] גאָט, הער, גאָט, פאַרגיב, גאָט, פאַרנעם און טו, זאָלסט ניט זאַמען; פון דיינעטוועגן, מיין גאָט, וואָרום דיין נאָמען ווערט גערופן אויף דיין שטאָט און אויף דיין פאָלק.

[20] און ווי איך רעד נאָך, און בין מתפּלל, און בין זיך מתוודה אויף מיינע זינד, און די זינד פון מיין פאָלק ישׂראל, און מאַך פאַלן מיין בקשה פאַר יהוה מיין גאָט, פון וועגן דעם הייליקן באַרג פון מיין גאָט – [21] ווי איך רעד נאָך אין געבעט, אַזוי איז דער מאַן גַבריאֵל, וואָס איך האָב געזען אין דער זעאונג אין אָנהייב, געקומען פליעדיק צו פליען, און האָט מיך אָנגערירט, אַרום דער צייט פון אָוונט־קרבּן. [22] און ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין, און האָט מיט מיר גערעדט, און האָט געזאָגט: דניאל, איך בין אַצונד אַרויסגעקומען דיך צו קליגן אין פאַרשטאַנדיקייט. [23] ביים אָנהייב פון דיין בקשה איז אַרויס אַ וואָרט, און איך בין געקומען עס צו זאָגן, וואָרום דו ביסט באַליבט; דרום באַטראַכט דאָס וואָרט, און פאַרשטיי די זעאונג. [24] זיבעציק [יאָר־] וואָכן זיינען נגזר געוואָרן אויף דיין פאָלק און אויף דיין הייליקער שטאָט, כּדי צו פאַרלענדן דעם פאַרברעך, און פאַרטיליקן דעם חטא, און מכפּר זיין אויף דער זינד, און ברענגען אייביקע גערעכטיקייט, און באַזיגלען די זעאונג און די נביאות, און זאַלבן דעם קָדשֵי־קָדשים. [25] און זאָלסט וויסן און פאַרשטיין, אַז פון דעם אַרויסגאַנג פון דעם וואָרט, ווידער אויפצובויען ירושָלַיִם, ביז דעם געזאַלבטן פירשט, זיינען זיבן וואָכן, און צוויי און זעכציק וואָכן וועט זי ווידער זיין אויפגעבויט, מיט מערק און גראָבנס,

עָלֵינוּ וְלֹא חִלִּינוּ אֶת־פְּנֵי ׀ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ לָשׁוּב מֵעֲוֺנֵנוּ
יד וּלְהַשְׂכִּיל בַּאֲמִתֶּךָ׃ וַיִּשְׁקֹד יְהוָה עַל־הָרָעָה וַיְבִיאֶהָ
עָלֵינוּ כִּי־צַדִּיק יְהוָה אֱלֹהֵינוּ עַל־כָּל־מַעֲשָׂיו אֲשֶׁר עָשָׂה
טו וְלֹא שָׁמַעְנוּ בְּקֹלוֹ׃ וְעַתָּה ׀ אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ אֲשֶׁר הוֹצֵאתָ
אֶת־עַמְּךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּיָד חֲזָקָה וַתַּעַשׂ־לְךָ שֵׁם כַּיּוֹם
טז הַזֶּה חָטָאנוּ רָשָׁעְנוּ׃ אֲדֹנָי כְּכָל־צִדְקֹתֶךָ יָשָׁב־נָא אַפְּךָ
וַחֲמָתְךָ מֵעִירְךָ יְרוּשָׁלִַם הַר־קָדְשֶׁךָ כִּי בַחֲטָאֵינוּ וּבַעֲוֺנוֹת
יז אֲבֹתֵינוּ יְרוּשָׁלִַם וְעַמְּךָ לְחֶרְפָּה לְכָל־סְבִיבֹתֵינוּ׃ וְעַתָּה ׀
שְׁמַע אֱלֹהֵינוּ אֶל־תְּפִלַּת עַבְדְּךָ וְאֶל־תַּחֲנוּנָיו וְהָאֵר פָּנֶיךָ
יח עַל־מִקְדָּשְׁךָ הַשָּׁמֵם לְמַעַן אֲדֹנָי׃ הַטֵּה אֱלֹהַי ׀ אָזְנְךָ
וּשְׁמָע פְּקַח עֵינֶיךָ וּרְאֵה שֹׁמְמֹתֵינוּ וְהָעִיר אֲשֶׁר־נִקְרָא
שִׁמְךָ עָלֶיהָ כִּי ׀ לֹא עַל־צִדְקֹתֵינוּ אֲנַחְנוּ מַפִּילִים תַּחֲנוּנֵינוּ
יט לְפָנֶיךָ כִּי עַל־רַחֲמֶיךָ הָרַבִּים׃ אֲדֹנָי ׀ שְׁמָעָה אֲדֹנָי ׀ סְלָחָה
אֲדֹנָי הַקְשִׁיבָה וַעֲשֵׂה אַל־תְּאַחַר לְמַעַנְךָ אֱלֹהַי כִּי־שִׁמְךָ
כ נִקְרָא עַל־עִירְךָ וְעַל־עַמֶּךָ׃ וְעוֹד אֲנִי מְדַבֵּר וּמִתְפַּלֵּל
וּמִתְוַדֶּה חַטָּאתִי וְחַטַּאת עַמִּי יִשְׂרָאֵל וּמַפִּיל תְּחִנָּתִי
כא לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהַי עַל הַר־קֹדֶשׁ אֱלֹהָי׃ וְעוֹד אֲנִי מְדַבֵּר
בַּתְּפִלָּה וְהָאִישׁ גַּבְרִיאֵל אֲשֶׁר רָאִיתִי בֶחָזוֹן בַּתְּחִלָּה
כב מֻעָף בִּיעָף נֹגֵעַ אֵלַי כְּעֵת מִנְחַת־עָרֶב׃ וַיָּבֶן וַיְדַבֵּר עִמִּי
כג וַיֹּאמַר דָּנִיֵּאל עַתָּה יָצָאתִי לְהַשְׂכִּילְךָ בִינָה׃ בִּתְחִלַּת
תַּחֲנוּנֶיךָ יָצָא דָבָר וַאֲנִי בָּאתִי לְהַגִּיד כִּי חֲמוּדוֹת אָתָּה
כד וּבִין בַּדָּבָר וְהָבֵן בַּמַּרְאֶה׃ שָׁבֻעִים שִׁבְעִים נֶחְתַּךְ עַל־
עַמְּךָ ׀ וְעַל־עִיר קָדְשֶׁךָ לְכַלֵּא הַפֶּשַׁע וּלְחָתֵם חַטָּאוֹת
וּלְכַפֵּר עָוֺן וּלְהָבִיא צֶדֶק עֹלָמִים וְלַחְתֹּם חָזוֹן וְנָבִיא
כה וְלִמְשֹׁחַ קֹדֶשׁ קָדָשִׁים׃ וְתֵדַע וְתַשְׂכֵּל מִן־מֹצָא דָבָר
לְהָשִׁיב וְלִבְנוֹת יְרוּשָׁלִַם עַד־מָשִׁיחַ נָגִיד שָׁבֻעִים שִׁבְעָה
וְשָׁבֻעִים שִׁשִּׁים וּשְׁנַיִם תָּשׁוּב וְנִבְנְתָה רְחוֹב וְחָרוּץ

יח׳ יחיד ה   יט׳ פתח באתנח   כד׳ ולהתם קרי   יחיד ד

וּבְצוֹק הָעִתִּים׃ וְאַחֲרֵי הַשָּׁבֻעִים שִׁשִּׁים וּשְׁנַיִם יִכָּרֵת כו
מָשִׁיחַ וְאֵין לוֹ וְהָעִיר וְהַקֹּדֶשׁ יַשְׁחִית עַם נָגִיד הַבָּא
וְקִצּוֹ בַשֶּׁטֶף וְעַד קֵץ מִלְחָמָה נֶחֱרֶצֶת שֹׁמֵמוֹת׃ וְהִגְבִּיר כז
בְּרִית לָרַבִּים שָׁבוּעַ אֶחָד וַחֲצִי הַשָּׁבוּעַ יַשְׁבִּית ׀ זֶבַח
וּמִנְחָה וְעַל כְּנַף שִׁקּוּצִים מְשֹׁמֵם וְעַד־כָּלָה וְנֶחֱרָצָה תִּתַּךְ
עַל־שֹׁמֵם׃

י

בִּשְׁנַת שָׁלוֹשׁ לְכוֹרֶשׁ מֶלֶךְ פָּרַס דָּבָר נִגְלָה לְדָנִיֵּאל א
אֲשֶׁר־נִקְרָא שְׁמוֹ בֵּלְטְשַׁאצַּר וֶאֱמֶת הַדָּבָר וְצָבָא גָדוֹל
וּבִין אֶת־הַדָּבָר וּבִינָה לוֹ בַּמַּרְאֶה׃ בַּיָּמִים הָהֵם אֲנִי ב
דָנִיֵּאל הָיִיתִי מִתְאַבֵּל שְׁלֹשָׁה שָׁבֻעִים יָמִים׃ לֶחֶם חֲמֻדוֹת ג
לֹא אָכַלְתִּי וּבָשָׂר וָיַיִן לֹא־בָא אֶל־פִּי וְסוֹךְ לֹא־סָכְתִּי עַד־
מְלֹאת שְׁלֹשֶׁת שָׁבֻעִים יָמִים׃ וּבְיוֹם עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה ד
לַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן וַאֲנִי הָיִיתִי עַל יַד הַנָּהָר הַגָּדוֹל הוּא
חִדָּקֶל׃ וָאֶשָּׂא אֶת־עֵינַי וָאֵרֶא וְהִנֵּה אִישׁ־אֶחָד לָבוּשׁ ה
בַּדִּים וּמָתְנָיו חֲגֻרִים בְּכֶתֶם אוּפָז׃ וּגְוִיָּתוֹ כְתַרְשִׁישׁ וּפָנָיו ו
כְּמַרְאֵה בָרָק וְעֵינָיו כְּלַפִּידֵי אֵשׁ וּזְרֹעֹתָיו וּמַרְגְּלֹתָיו כְּעֵין
נְחֹשֶׁת קָלָל וְקוֹל דְּבָרָיו כְּקוֹל הָמוֹן׃ וְרָאִיתִי אֲנִי דָנִיֵּאל ז
לְבַדִּי אֶת־הַמַּרְאָה וְהָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר הָיוּ עִמִּי לֹא רָאוּ אֶת־
הַמַּרְאָה אֲבָל חֲרָדָה גְדֹלָה נָפְלָה עֲלֵיהֶם וַיִּבְרְחוּ בְּהֵחָבֵא׃
וַאֲנִי נִשְׁאַרְתִּי לְבַדִּי וָאֶרְאֶה אֶת־הַמַּרְאָה הַגְּדֹלָה הַזֹּאת ח
וְלֹא נִשְׁאַר־בִּי כֹּחַ וְהוֹדִי נֶהְפַּךְ עָלַי לְמַשְׁחִית וְלֹא עָצַרְתִּי
כֹּחַ׃ וָאֶשְׁמַע אֶת־קוֹל דְּבָרָיו וּכְשָׁמְעִי אֶת־קוֹל דְּבָרָיו ט
וַאֲנִי הָיִיתִי נִרְדָּם עַל־פָּנַי וּפָנַי אָרְצָה׃ וְהִנֵּה־יָד נָגְעָה י
בִּי וַתְּנִיעֵנִי עַל־בִּרְכַּי וְכַפּוֹת יָדָי׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי דָּנִיֵּאל אִישׁ־ יא
חֲמֻדוֹת הָבֵן בַּדְּבָרִים אֲשֶׁר אָנֹכִי דֹבֵר אֵלֶיךָ וַעֲמֹד עַל־
עָמְדֶךָ כִּי עַתָּה שֻׁלַּחְתִּי אֵלֶיךָ וּבְדַבְּרוֹ עִמִּי אֶת־הַדָּבָר

---

ט,כו׳ בס״א נֶחֱ׳ כז׳ סבירין ועד י,א׳ פתח באתנח בס״א לו
ח׳ בס״א ואראה המראה הזאת ׳אר בי׳ כח

אָבער אין געדריקטע צייטן. 26 און נאָך די צוויי און זעכציק וואָכן, וועט פאַרשניטן ווערן אַ געזאַלבטער, און פון אים וועט ניט בלייבן; און די שטאָט און דאָס הייליקטום וועט צעשטערן דאָס פאָלק פון אַ פירשט וואָס וועט קומען; און זיין סוף וועט זיין מיט פלייצונג; און ביז צום סוף פון דער מלחמה זיינען נגזר געוואָרן פאַרוויסטונגען. 27 און ער וועט מאַכן אַ שטאַרקן בונד מיט פיל פאַר איין וואָך; און אַ האַלבע וואָך וועט ער פאַרשטערן שלאַכט־אָפּפער און שפּייזאָפּפער; און אויף דעם פליגל פון אומווערדיקייטן וועט קומען דער פאַרוויסטער, אַזש ביז אַ פאַרלענדונג און אַ גזר וועט אויסגעגאָסן ווערן אויף דעם פאַרוויסטער.

י 1 אין דריטן יאָר פון כּוֹרֶש דעם מלך פון פָּרַס איז אַנטפּלעקט געוואָרן אַ וואָרט צו דניאלן, וואָס זיין נאָמען איז גערופן געוואָרן בֵּלטשאַצַר; און דאָס וואָרט איז געווען אמת, און וועגן אַ לאַנגער צייט; און ער האָט באַטראַכט דאָס וואָרט, און האָט פאַרשטאַנען די זעאונג. 2 אין יענע טעג האָב איך, דניאל, געטרויערט דריי וואָכן צייט. 3 גלוסטיקע שפּייז האָב איך ניט געגעסן, און פלייש און וויין איז ניט געקומען אין מיין מויל, און זאַלבן האָב איך זיך ניט געזאַלבט, ביז עס זיינען פול געוואָרן דריי וואָכן צייט. 4 און אין פיר און צוואַנציקסטן טאָג פון ערשטן חודש, ווען איך בין געווען ביים ברעג פון גרויסן טייך, דאָס איז חִדֶּקֶל, 5 האָב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן, און האָב געזען, ערשט אַ מאַן אָנגעקליידט אין ליינען, און זיינע לענדן אַרומגעגורט מיט גאָלד פון אוּפָז, 6 און זיין לייב אַזוי ווי גאָלדשטיין, און זיין פּנים אַזוי ווי דאָס אויסזען פון בליץ, און זיינע אויגן אַזוי ווי פלאַמען פייער, און זיינע אָרעמס און זיינע פיס אַזוי ווי דער אָנבליק פון בלאַנקן קופּער, און דער קָול פון זיינע ווערטער אַזוי ווי דער קָול פון אַ מחנה. 7 און איך, דניאל, אַליין האָב געזען די זעאונג, אָבער די מענטשן וואָס מיט מיר האָבן ניט געזען די זעאונג, נאָר אַ גרויסע ציטערניש איז אויף זיי געפאַלן, און זיי זיינען אַנטלאָפן זיך צו באַהאַלטן. 8 בין איך געבליבן אַליין, און איך האָב געזען דידאָזיקע גרויסע זעאונג, און אין מיר איז ניט געבליבן קיין כּוח, וואָרום מיין פּאַרב האָט זיך אויף מיר שרעקלעך געביטן, און איך האָב מער ניט געהאַט קיין כּוח. 9 און איך האָב געהערט דעם קָול פון זיינע ווערטער; און ווי איך האָב געהערט דעם קָול פון זיינע ווערטער, אַזוי בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן אויף מיין פּנים, מיט מיין פּנים צו דער ערד. 10 ערשט אַ האַנט האָט מיך אָנגערירט, און האָט מיך געטרייסלט פאַר מיינע קני און מיינע האַנטפלעכן. 11 און ער האָט צו מיר געזאָגט: דניאל, דו באַליבטער מאַן, פאַרשטיי די ווערטער וואָס איך רעד צו דיר, און שטיי אויף אַוווּ דו ביסט געשטאַנען, וואָרום איך בין אַצונד געשיקט געוואָרן צו דיר. און ווי ער האָט מיט מיר גערעדט דאָסדאָזיקע וואָרט,

יב הַזֶּה עָמַדְתִּי מַרְעִיד׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי אַל־תִּירָא דָנִיֵּאל כִּי ׀
מִן־הַיּוֹם הָרִאשׁוֹן אֲשֶׁר נָתַתָּ אֶת־לִבְּךָ לְהָבִין וּלְהִתְעַנּוֹת
יג לִפְנֵי אֱלֹהֶיךָ נִשְׁמְעוּ דְבָרֶיךָ וַאֲנִי בָאתִי בִּדְבָרֶיךָ׃ וְשַׂר ׀
מַלְכוּת פָּרַס עֹמֵד לְנֶגְדִּי עֶשְׂרִים וְאֶחָד יוֹם וְהִנֵּה מִיכָאֵל
אַחַד הַשָּׂרִים הָרִאשֹׁנִים בָּא לְעָזְרֵנִי וַאֲנִי נוֹתַרְתִּי שָׁם
יד אֵצֶל מַלְכֵי פָרָס׃ וּבָאתִי לַהֲבִינְךָ אֵת אֲשֶׁר־יִקְרָה
טו לְעַמְּךָ בְּאַחֲרִית הַיָּמִים כִּי־עוֹד חָזוֹן לַיָּמִים׃ וּבְדַבְּרוֹ עִמִּי
טז כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה נָתַתִּי פָנַי אַרְצָה וְנֶאֱלָמְתִּי׃ וְהִנֵּה כִּדְמוּת
בְּנֵי אָדָם נֹגֵעַ עַל־שְׂפָתָי וָאֶפְתַּח־פִּי וָאֲדַבְּרָה וָאֹמְרָה
אֶל־הָעֹמֵד לְנֶגְדִּי אֲדֹנִי בַּמַּרְאָה נֶהֶפְכוּ צִירַי עָלַי וְלֹא
יז עָצַרְתִּי כֹּחַ׃ וְהֵיךְ יוּכַל עֶבֶד אֲדֹנִי זֶה לְדַבֵּר עִם־אֲדֹנִי
זֶה וַאֲנִי מֵעַתָּה לֹא־יַעֲמָד־בִּי כֹחַ וּנְשָׁמָה לֹא נִשְׁאֲרָה־בִי׃
יח יט וַיֹּסֶף וַיִּגַּע־בִּי כְּמַרְאֵה אָדָם וַיְחַזְּקֵנִי׃ וַיֹּאמֶר אַל־תִּירָא
אִישׁ־חֲמֻדוֹת שָׁלוֹם לָךְ חֲזַק וַחֲזָק וּכְדַבְּרוֹ עִמִּי הִתְחַזַּקְתִּי
כ וָאֹמְרָה יְדַבֵּר אֲדֹנִי כִּי חִזַּקְתָּנִי׃ וַיֹּאמֶר הֲיָדַעְתָּ לָמָּה־
בָּאתִי אֵלֶיךָ וְעַתָּה אָשׁוּב לְהִלָּחֵם עִם־שַׂר פָּרָס וַאֲנִי
כא יוֹצֵא וְהִנֵּה שַׂר־יָוָן בָּא׃ אֲבָל אַגִּיד לְךָ אֶת־הָרָשׁוּם בִּכְתָב
אֱמֶת וְאֵין אֶחָד מִתְחַזֵּק עִמִּי עַל־אֵלֶּה כִּי אִם־מִיכָאֵל
שַׂרְכֶם׃

## יא

א וַאֲנִי בִּשְׁנַת אַחַת לְדָרְיָוֶשׁ הַמָּדִי עָמְדִי לְמַחֲזִיק וּלְמָעוֹז
ב לוֹ׃ וְעַתָּה אֱמֶת אַגִּיד לָךְ הִנֵּה־עוֹד שְׁלֹשָׁה מְלָכִים
עֹמְדִים לְפָרַס וְהָרְבִיעִי יַעֲשִׁיר עֹשֶׁר־גָּדוֹל מִכֹּל וּכְחֶזְקָתוֹ
ג בְעָשְׁרוֹ יָעִיר הַכֹּל אֵת מַלְכוּת יָוָן׃ וְעָמַד מֶלֶךְ גִּבּוֹר
ד וּמָשַׁל מִמְשָׁל רָב וְעָשָׂה כִּרְצוֹנוֹ׃ וּכְעָמְדוֹ תִּשָּׁבֵר מַלְכוּתוֹ
וְתֵחָץ לְאַרְבַּע רוּחוֹת הַשָּׁמָיִם וְלֹא לְאַחֲרִיתוֹ וְלֹא כְמָשְׁלוֹ
אֲשֶׁר מָשָׁל כִּי תִנָּתֵשׁ מַלְכוּתוֹ וְלַאֲחֵרִים מִלְּבַד־אֵלֶּה׃

י, יד׳ הרי בקמץ   יא, ג׳ ד׳ קמץ בז״ק

בין איך אויפגעשטאַנען ציטערנדיקערהייט. [12] און ער האָט צו מיר געזאָגט: זאָלסט ניט מורא האָבן, דניאל, וואָרום פון דעם ערשטן טאָג אָן וואָס דו האָסט אָפּגעגעבן דיין האַרץ צו פאַרשטיין, און זיך צו פּייניקן פאַר דיין גאָט, זיינען דיינע ווערטער געהערט געוואָרן, און איך בין געקומען פון וועגן דיינע ווערטער. [13] אָבער דער שׂר פון מַלכות פָּרַס האָט זיך געשטעלט אַקעגן מיר איין און צוואַנציק טעג, אָבער זע, מיכָאֵל, איינער פון די ערשטע שָׂרים, איז מיר געקומען צו הילף. אַזוי בין איך דאָרטן פאַרבליבן ביי די מלכים פון פָּרַס. [14] און איך בין געקומען דיר געבן צו פאַרשטיין וואָס וועט געשען צו דיין פאָלק אין סוף פון די טעג; וואָרום דאָס איז נאָך אַ זעאונג אויף אַ צייט.

[15] און ווי ער האָט גערעדט צו מיר אַזוי ווי דידאָזיקע ווערטער, אַזוי האָב איך געקערט מיין פּנים צו דער ערד, און בין אַנשטומט געוואָרן. [16] ערשט אַזוי ווי אַ געשטאַלט פון מענטשנקינדער האָט מיך אָנגערירט אויף די ליפּן, און איך האָב געעפנט מיין מויל, און איך האָב גערעדט און געזאָגט צו דעם וואָס איז געשטאַנען אַקעגן מיר: מיין האַר, פון דער זעאונג זיינען ווייען געקומען אויף מיר, און איך האָב מער ניט קיין כּוח. [17] און ווי קען דערדאָזיקער קנעכט פון מיין האַר רעדן מיט דעמדאָזיקן האַר מיינעם, אַז אין מיר האָט זיך אַצונד ניט אָפּגעשטעלט קיין כּוח, און קיין אָטעם איז אין מיר ניט געבליבן? [18] האָט מיך ווידער אָנגערירט אַזוי ווי דאָס אויסזען פון אַ מענטשן, און ער האָט מיך געשטאַרקט. [19] און ער האָט געזאָגט: זאָלסט ניט מורא האָבן, באַליבטער מאַן! פריד צו דיר! זיי שטאַרק און זיי שטאַרק! און ווי ער האָט צו מיר גערעדט, אַזוי בין איך געשטאַרקט געוואָרן, און איך האָב געזאָגט: זאָל מיין האַר רעדן, וואָרום האָסט מיך געשטאַרקט. [20] האָט ער געזאָגט: ווייסטו וועגן וואָס איך בין געקומען צו דיר? און אַצונד וועל איך זיך אומקערן מלחמה צו האַלטן מיט דעם שׂר פון פָּרַס; און ווי איך גיי אַרויס, אָט וועט אָנקומען דער שׂר פון יָוָן. [21] אָבער איך וועל דיר זאָגן וואָס איז פאַרצייכנט אין דעם געשריפטס פון אמת. און קיינער האַלט ניט מיט מיר אַקעגן דידאָזיקע, נאָר בלויז אייער שׂר מיכָאֵל.

יא [1] אָבער איך בין, אין ערשטן יאָר פון דָרְיָוֶש פון מָדַי, אויפגעשטאַנען פאַר אַן אָנהאַלט און פאַר אַ שטאַרקייט צו אים.

[2] און אַצונד וועל איך דיר אָנזאָגן דעם אמת. זע, נאָך דריי מלכים וועלן אויפשטיין פון פָּרַס, און דער פערטער וועט פאַרמאָגן גרויס עשירות מער פון אַלע; און ווייל ער וועט שטאַרק זיין דורך זיין עשירות, וועט ער דערוועקן אַלעמען אַקעגן מַלכות יָוָן. [3] און אַ מלך אַ גיבור וועט אויפשטיין, און וועט געוועלטיקן אַ גרויס געוועלטיקייט, און וועט טאָן לויט זיין ווילן. [4] און אַז ער וועט אויפשטיין, וועט זיין מלוכה צעבראָכן ווערן, און וועט צעטיילט ווערן צו אַלע ווינטן פון הימל, אָבער ניט צו זיינע נאָכקומער, און ניט אַזוי ווי זיין געוועלטיקייט וואָס ער האָט געוועלטיקט; וואָרום זיין מלוכה וועט אויסגעוואָרצלט ווערן, און פאַר אַנדערע, ניט פאַר דידאָזיקע.

ה וְיֶחֱזַק מֶלֶךְ־הַנֶּגֶב וּמִן־שָׂרָיו וְיֶחֱזַק עָלָיו וּמָשַׁל מִמְשָׁל
ו רַב מֶמְשַׁלְתּוֹ׃ וּלְקֵץ שָׁנִים יִתְחַבָּרוּ וּבַת מֶלֶךְ־הַנֶּגֶב
תָּבוֹא אֶל־מֶלֶךְ הַצָּפוֹן לַעֲשׂוֹת מֵישָׁרִים וְלֹא־תַעְצֹר כּוֹחַ
הַזְּרוֹעַ וְלֹא יַעֲמֹד וּזְרֹעוֹ וְתִנָּתֵן הִיא וּמְבִיאֶיהָ וְהַיֹּלְדָהּ
ז וּמַחֲזִקָהּ בָּעִתִּים׃ וְעָמַד מִנֵּצֶר שָׁרָשֶׁיהָ כַּנּוֹ וְיָבֹא אֶל־
הַחַיִל וְיָבֹא בְּמָעוֹז מֶלֶךְ הַצָּפוֹן וְעָשָׂה בָהֶם וְהֶחֱזִיק׃
ח וְגַם אֱלֹהֵיהֶם עִם־נְסִכֵיהֶם עִם־כְּלֵי חֶמְדָּתָם כֶּסֶף וְזָהָב
בַּשְּׁבִי יָבִא מִצְרָיִם וְהוּא שָׁנִים יַעֲמֹד מִמֶּלֶךְ הַצָּפוֹן׃
ט י וּבָא בְּמַלְכוּת מֶלֶךְ הַנֶּגֶב וְשָׁב אֶל־אַדְמָתוֹ׃ וּבָנוֹ יִתְגָּרוּ
וְאָסְפוּ הֲמוֹן חֲיָלִים רַבִּים וּבָא בוֹא וְשָׁטַף וְעָבָר וְיָשֹׁב
יא וְיִתְגָּרוּ עַד־מָעֻזֹּה׃ וְיִתְמַרְמַר מֶלֶךְ הַנֶּגֶב וְיָצָא וְנִלְחַם עִמּוֹ
עִם־מֶלֶךְ הַצָּפוֹן וְהֶעֱמִיד הָמוֹן רָב וְנִתַּן הֶהָמוֹן בְּיָדוֹ׃
יב יג וְנָשָׂא הֶהָמוֹן יָרוּם לְבָבוֹ וְהִפִּיל רִבֹּאוֹת וְלֹא יָעוֹז׃ וְשָׁב
מֶלֶךְ הַצָּפוֹן וְהֶעֱמִיד הָמוֹן רַב מִן־הָרִאשׁוֹן וּלְקֵץ הָעִתִּים
יד שָׁנִים יָבוֹא בוֹא בְּחַיִל גָּדוֹל וּבִרְכוּשׁ רָב׃ וּבָעִתִּים הָהֵם
רַבִּים יַעַמְדוּ עַל־מֶלֶךְ הַנֶּגֶב וּבְנֵי ׀ פָּרִיצֵי עַמְּךָ יִנַּשְּׂאוּ
טו לְהַעֲמִיד חָזוֹן וְנִכְשָׁלוּ׃ וְיָבֹא מֶלֶךְ הַצָּפוֹן וְיִשְׁפֹּךְ סוֹלְלָה
וְלָכַד עִיר מִבְצָרוֹת וּזְרֹעוֹת הַנֶּגֶב לֹא יַעֲמֹדוּ וְעַם מִבְחָרָיו
טז וְאֵין כֹּחַ לַעֲמֹד׃ וְיַעַשׂ הַבָּא אֵלָיו כִּרְצוֹנוֹ וְאֵין עוֹמֵד
יז לְפָנָיו וְיַעֲמֹד בְּאֶרֶץ הַצְּבִי וְכָלָה בְיָדוֹ׃ וְיָשֵׂם ׀ פָּנָיו לָבוֹא
בְּתֹקֶף כָּל־מַלְכוּתוֹ וִישָׁרִים עִמּוֹ וְעָשָׂה וּבַת הַנָּשִׁים יִתֶּן־
יח לוֹ לְהַשְׁחִיתָהּ וְלֹא תַעֲמֹד וְלֹא־לוֹ תִהְיֶה׃ וְיָשֵׁב ׀ פָּנָיו
לְאִיִּים וְלָכַד רַבִּים וְהִשְׁבִּית קָצִין חֶרְפָּתוֹ לוֹ בִּלְתִּי חֶרְפָּתוֹ
יט יָשִׁיב לוֹ׃ וְיָשֵׁב פָּנָיו לְמָעוּזֵּי אַרְצוֹ וְנִכְשַׁל וְנָפַל וְלֹא
כ יִמָּצֵא׃ וְעָמַד עַל־כַּנּוֹ מַעֲבִיר נוֹגֵשׂ הֶדֶר מַלְכוּת וּבְיָמִים
כא אֲחָדִים יִשָּׁבֵר וְלֹא בְאַפַּיִם וְלֹא בְמִלְחָמָה׃ וְעָמַד עַל־

ה' קמץ בד״ק   ו' מלא ו׳   י' ובנו קרי   ויתגרה קרי   מעוזו קרי
יא' קמץ בד״ק   יב' ורם קרי   טו' בב״א מבצריו ק'   יח' וישם קרי
יט' שורק עם הדגש

[5] און דער מלך פון דָרום וועט ווערן שטאַרק, אָבער איינער פון זיינע האַרן וועט זיך שטאַרקן איבער אים, און וועט געוועלטיקן; אַ גרויס געוועלטיקייט וועט זיין זיין געוועלטיקייט.

[6] און אין סוף פון די יאָרן וועלן זיי זיך באַהעפטן; און די טאָכטער פון דעם מלך פון דָרום וועט קומען צו דעם מלך פון צפון, כּדי צו מאַכן אַן אויסגלייך, אָבער [איר] אָרעם וועט ניט אָנהאַלטן די מאַכט; אויך ער און זיין אָרעם וועט ניט באַשטיין; און זי, און די וואָס האָבן זי געבראַכט, און דער וואָס האָט זי געבאָרן, און דער וואָס האָט געהאַלטן מיט איר, וועלן איבערגעגעבן ווערן, אין יענע צייטן.

[7] אָבער איינער פון די רִיטלעך פון אירע וואָרצלען וועט אויפשטיין אויף זיין אָרט, און ער וועט קומען אויפן חיל, און וועט אַריינגיין אין דער פעסטונג פון דעם מלך פון צפון, און ער וועט אויספירן קעגן זיי, און וועט ביי־קומען. [8] און אויך זייערע געטער, מיט זייערע געגאָסענע געצן, מיט זייערע גלוסטיקע כּלים פון זילבער און גאָלד, וועט ער ברענגען אין געפאַנגענשאַפט קיין מִצרַיִם; און ער וועט יאָרן לאַנג אָוועקשטיין פון דעם מלך פון צפון. [9] און ער וועט קומען אין דעם קיניגרייך פון דעם מלך פון דָרום, אָבער ער וועט זיך אומקערן אין זיין לאַנד.

[10] און זיינע זין וועלן זיך אויפרירן, און זיי וועלן איינ־זאַמלען אַ סך גרויסע חַיָלות, און ער וועט קומען און וועט פלייצנדיק דורכגיין; דערנאָך וועט ער ווידערקערן, און מלחמה האַלטן ביז צו זיין פעסטונג. [11] און דער מלך פון דָרום וועט ווערן דערביטערט, און ער וועט אַרויסגיין, און וועט מלחמה האַלטן מיט אים, מיט דעם מלך פון צפון; און יענער וועט אויפשטעלן אַ גרויסע מחנה, אָבער די מחנה וועט איבערגעגעבן ווערן אין זיין האַנט. [12] און ווי ער וועט אַוועקנעמען די מחנה, אַזוי וועט זיך דערהייבן זיין האַרץ, און ער וועט מאַכן פאַלן צענדליקער טויזנט, אָבער ער וועט ניט גוֹבר זיין.

[13] און דער מלך פון צפון וועט ווידער אויפשטעלן אַ מחנה גרעסער פון דער ערשטער; און אין סוף פון אַ צייט יאָרן וועט ער קומען מיט אַ גרויסן חיל, און מיט פיל פאַרמעג. [14] און אין יענע צייטן וועלן פיל זיך שטעלן אַקעגן דעם מלך פון דָרום, און די פאַרשייטע יונגען פון דיין פאָלק וועלן זיך דערהייבן אויפצושטעלן די זעאונג, אָבער זיי וועלן געשטרויכלט ווערן. [15] און דער מלך פון צפון וועט קומען, און וועט אָנשיטן אַן ערדוואַל, און וועט באַצווינגען די שטאָט פון פעסטונגען; און די אָרעמס פון דָרום וועלן ניט קענען באַשטיין, און זיין געקליבענע מאַנשאַפט וועט ניט האָבן קיין כּוח צו באַשטיין. [16] און דער וואָס וועט קומען אויף אים, וועט טאָן לויט זיין ווילן, און קיינער וועט ניט באַשטיין פאַר אים; און ער וועט שטיין אין דעם שיינעם לאַנד מיט פאַרלענדונג אין זיין האַנט. [17] און ער וועט קערן זיין פּנים צו קומען אין מאַכט איבער זיין גאַנצן קיניגרייך, און וועט מאַכן מיט אים אַן אויסגלייכעניש, און וועט אים געבן אַ יונגפרוי, כּדי עס צו צעשטערן; אָבער דאָס וועט ניט באַשטיין, און עס וועט ניט ווערן זיינס. [18] און ער וועט קערן זיין פּנים צו די אינדזלען, און ער וועט באַצווינגען פיל, אָבער אַ פירשט וועט מאַכן אויפהערן זיין לעסטערונג; ניין, ער וועט נאָך אומ־קערן זיין לעסטערונג אויף אים אַליין. [19] און ער וועט קערן זיין פּנים צו די פעסטונגען פון זיין אייגענעם לאַנד, אָבער ער וועט געשטרויכלט ווערן און פאַלן, און וועט זיך מער ניט געפינען.

[20] און אויף זיין אָרט וועט אויפשטיין איינער וואָס וועט מאַכן דורכגיין אַ דריקער דורך דער פּראַכט פון דעם קיניגרייך; אָבער אין אַ קורצער צייט וועט ער צעבראָכן ווערן, און ניט אין צאָרן, און ניט אין מלחמה.

כַּנּוֹ נִבְזֶה וְלֹא־נָתְנוּ עָלָיו הוֹד מַלְכוּת וּבָא בְשַׁלְוָה וְהֶחֱזִיק
כב מַלְכוּת בַּחֲלַקְלַקּוֹת׃ וּזְרֹעוֹת הַשֶּׁטֶף יִשָּׁטְפוּ מִלְּפָנָיו
כג וְיִשָּׁבֵרוּ וְגַם נְגִיד בְּרִית׃ וּמִן־הִתְחַבְּרוּת אֵלָיו יַעֲשֶׂה
כד מִרְמָה וְעָלָה וְעָצַם בִּמְעַט־גּוֹי׃ בְּשַׁלְוָה וּבְמִשְׁמַנֵּי מְדִינָה
יָבוֹא וְעָשָׂה אֲשֶׁר לֹא־עָשׂוּ אֲבֹתָיו וַאֲבוֹת אֲבֹתָיו בִּזָּה
וְשָׁלָל וּרְכוּשׁ לָהֶם יִבְזוֹר וְעַל מִבְצָרִים יְחַשֵּׁב מַחְשְׁבֹתָיו
כה וְעַד־עֵת׃ וְיָעֵר כֹּחוֹ וּלְבָבוֹ עַל־מֶלֶךְ הַנֶּגֶב בְּחַיִל גָּדוֹל
וּמֶלֶךְ הַנֶּגֶב יִתְגָּרֶה לַמִּלְחָמָה בְּחַיִל־גָּדוֹל וְעָצוּם עַד־מְאֹד
כו וְלֹא יַעֲמֹד כִּי־יַחְשְׁבוּ עָלָיו מַחֲשָׁבוֹת׃ וְאֹכְלֵי פַת־בָּגוֹ
כז יִשְׁבְּרוּהוּ וְחֵילוֹ יִשְׁטוֹף וְנָפְלוּ חֲלָלִים רַבִּים׃ וּשְׁנֵיהֶם
הַמְּלָכִים לְבָבָם לְמֵרָע וְעַל־שֻׁלְחָן אֶחָד כָּזָב יְדַבֵּרוּ וְלֹא
כח תִצְלָח כִּי־עוֹד קֵץ לַמּוֹעֵד׃ וְיָשֹׁב אַרְצוֹ בִּרְכוּשׁ גָּדוֹל
כט וּלְבָבוֹ עַל־בְּרִית קֹדֶשׁ וְעָשָׂה וְשָׁב לְאַרְצוֹ׃ לַמּוֹעֵד יָשׁוּב
ל וּבָא בַנֶּגֶב וְלֹא־תִהְיֶה כָרִאשֹׁנָה וְכָאַחֲרֹנָה׃ וּבָאוּ בוֹ
צִיִּים כִּתִּים וְנִכְאָה וְשָׁב וְזָעַם עַל־בְּרִית־קוֹדֶשׁ וְעָשָׂה
לא וְשָׁב וְיָבֵן עַל־עֹזְבֵי בְּרִית קֹדֶשׁ׃ וּזְרֹעִים מִמֶּנּוּ יַעֲמֹדוּ
וְחִלְּלוּ הַמִּקְדָּשׁ הַמָּעוֹז וְהֵסִירוּ הַתָּמִיד וְנָתְנוּ הַשִּׁקּוּץ
לב מְשׁוֹמֵם׃ וּמַרְשִׁיעֵי בְרִית יַחֲנִיף בַּחֲלַקּוֹת וְעַם יֹדְעֵי אֱלֹהָיו
לג יַחֲזִקוּ וְעָשׂוּ׃ וּמַשְׂכִּילֵי עָם יָבִינוּ לָרַבִּים וְנִכְשְׁלוּ בְּחֶרֶב
לד וּבְלֶהָבָה בִּשְׁבִי וּבְבִזָּה יָמִים׃ וּבְהִכָּשְׁלָם יֵעָזְרוּ עֵזֶר מְעָט
לה וְנִלְווּ עֲלֵיהֶם רַבִּים בַּחֲלַקְלַקּוֹת׃ וּמִן־הַמַּשְׂכִּילִים יִכָּשְׁלוּ
לִצְרוֹף בָּהֶם וּלְבָרֵר וְלַלְבֵּן עַד־עֵת קֵץ כִּי־עוֹד לַמּוֹעֵד׃
לו וְעָשָׂה כִרְצֹנוֹ הַמֶּלֶךְ וְיִתְרוֹמֵם וְיִתְגַּדֵּל עַל־כָּל־אֵל וְעַל
אֵל אֵלִים יְדַבֵּר נִפְלָאוֹת וְהִצְלִיחַ עַד־כָּלָה זַעַם כִּי נֶחֱרָצָה
לז נֶעֱשָׂתָה׃ וְעַל־אֱלֹהֵי אֲבֹתָיו לֹא יָבִין וְעַל־חֶמְדַּת נָשִׁים
לח וְעַל־כָּל־אֱלוֹהַּ לֹא יָבִין כִּי עַל־כֹּל יִתְגַּדָּל׃ וְלֶאֱלֹהַּ מָעֻזִּים
עַל־כַּנּוֹ יְכַבֵּד וְלֶאֱלוֹהַּ אֲשֶׁר לֹא־יְדָעֻהוּ אֲבֹתָיו יְכַבֵּד

כ״ז קמץ בז״ק

21 און אויף זיין אָרט וועט אויפשטיין אַ נִבזה, וואָס מע האָט ניט אַרויפגעטאָן אויף אים דעם גלאַנץ פון מלוכה; און ער וועט קומען אין מיטן פון שלום, און וועט קריגן די מלוכה מיט גלאַטע רייד. 22 און די אָרעמס פון דער פלייצונג וועלן אַוועקגעפלייצט ווערן פון פאַר אים, און זיי וועלן צעבראָכן ווערן, און אויך דער פירשט פון בונד. 23 און נאָך דעם ווי מע וועט זיך פאַרבינדן מיט אים, וועט ער באַגיין אַ באַטרוג; און ער וועט שטייגן און ווערן שטאַרק מיט ווינציק פאָלק. 24 אין מיטן פון שלום און אין די פעסטע ערטער פון דער מדינה וועט ער קומען, און ער וועט טאָן וואָס זיינע עלטערן און זיינע עלטערנס עלטערן האָבן ניט געטאָן; רויב און פאַנג און פאַרמעג וועט ער פאַנאַנדערשענקען צו זיי; און אַקעגן פעסטונגען וועט ער אויסקלערן זיינע תּחבולות, אָבער נאָר ביז אַ צייט.

25 און ער וועט דערוועקן זיין קראַפט און זיין מוט אַקעגן דעם מלך פון דָרום מיט אַ גרויסן חיל; און דער מלך פון דָרום וועט זיך אַרויסרירן אין מלחמה מיט זייער אַ גרויסן און שטאַרקן חיל; אָבער ער וועט ניט באַשטיין, וואָרום מע וועט אויסקלערן אַקעגן אים תּחבולות. 26 און די וואָס עסן זיין שפּייז, וועלן אים צעברעכן, און זיין חיל וועט מען אַוועקפלייצן, און פיל דערשלאָגענע וועלן פאַלן. 27 און דאָס האַרץ פון ביידע מלכים וועט זיין צום בייזן, און ביי איין טיש וועלן זיי רעדן ליגן, אָבער עס וועט ניט באַגליקן, וואָרום אַ סָוף איז נאָך פאַראַן צו דער באַשטימטער צייט. 28 און ער וועט זיך אומקערן אין זיין לאַנד מיט אַ גרויס פאַרמעג, און זיין האַרץ וועט זיין אַקעגן דעם הייליקן בונד; און ער וועט אָפּטאָן, און זיך אומקערן אין זיין לאַנד.

29 אין דער באַשטימטער צייט וועט ער ווידער קומען קיין דָרום, אָבער דאָס לעצטע מאָל וועט ניט זיין אַזוי ווי דאָס ערשטע. 30 וואָרום שיפן פון כִּתּים וועלן קומען אויף אים, און ער וועט אַיינגעשראָקן ווערן, און וועט זיך אומקערן, און ער וועט צערענען אויף דעם הייליקן בונד, און וועט אויספירן; און אַז ער וועט זיך אומקערן וועט ער אַכטן אויף די וואָס פאַרלאָזן דעם הייליקן בונד.

31 און אָרעמס פון אים וועלן אויפשטיין, און וועלן פאַרשוועכן די הייליקע פעסטונג, און זיי וועלן אָפּטאָן דעם שטענדיקן קרבן, און וועלן אַריינשטעלן די אומווערדיקייט וואָס צעגרוילט. 32 און די וואָס פאַרברעכן קעגן בונד, וועט ער מאַכן זינדיק דורך גלאַטע רייד; אָבער דאָס פאָלק וואָס קען זיין גאָט, וועט זיך האַלטן פעסט, און וועט אויספירן. 33 און די פאַרשטאַנדיקע פון פאָלק וועלן מאַכן פיל צו פאַרשטיין; אָבער זיי וועלן פאַלן דורכן שווערד, און דורך פלאַם, און דורך געפאַנגענשאַפט, און דורך רויב, פיל טעג. 34 און אַז זיי וועלן פאַלן, וועלן זיי געהאָלפן ווערן אַ קליין הילף; און פיל וועלן זיך באַהעפטן צו זיי מיט גלאַטע רייד. 35 און פון די פאַרשטאַנדיקע וועלן פאַלן, כּדי צו לייטערן צווישן זיי, און צו קלערן, און צו רייניקן, ביז דער צייט פון קֵץ; וואָרום עס וועט נאָך דויערן ביז דער באַשטימטער צייט.

36 און דער מלך וועט טאָן לויט זיין ווילן, און ער וועט זיך דערהייבן און זיך גרייסן איבער איטלעכן גאָט, און אַקעגן דעם גאָט פון די געטער וועט ער רעדן פאַרשייט; און ער וועט באַגליקן, ביז דער צאָרן וועט זיך ענדיקן; וואָרום וואָס איז נגזר געוואָרן, מוז געשען. 37 ער וועט אויך ניט אַכטן אויף די געטער פון זיינע עלטערן, און אויף דער גלוסטיקייט פון פרויען, און אויף קיין גאָט וועט ער ניט אַכטן, נאָר איבער אַלעמען וועט ער זיך גרייסן. 38 נאָר דעם גאָט פון פעסטונגען וועט ער טאָן כּבוד אויף זיין אָרט; יאָ, אַ גאָט וואָס זיינע עלטערן האָבן ניט געקענט, וועט ער טאָן כּבוד

לט בְּזָהָב וּבְכֶסֶף וּבְאֶבֶן יְקָרָה וּבַחֲמֻדוֹת׃ וְעָשָׂה לְמִבְצְרֵי
מָעֻזִּים עִם־אֱלוֹהַּ נֵכָר אֲשֶׁר הִכִּיר יַרְבֶּה כָבוֹד וְהִמְשִׁילָם
מ בָּרַבִּים וַאֲדָמָה יְחַלֵּק בִּמְחִיר׃ וּבְעֵת קֵץ יִתְנַגַּח עִמּוֹ
מֶלֶךְ הַנֶּגֶב וְיִשְׂתָּעֵר עָלָיו מֶלֶךְ הַצָּפוֹן בְּרֶכֶב וּבְפָרָשִׁים
מא וּבָאֳנִיּוֹת רַבּוֹת וּבָא בַאֲרָצוֹת וְשָׁטַף וְעָבָר׃ וּבָא בְּאֶרֶץ
הַצְּבִי וְרַבּוֹת יִכָּשֵׁלוּ וְאֵלֶּה יִמָּלְטוּ מִיָּדוֹ אֱדוֹם וּמוֹאָב
מב וְרֵאשִׁית בְּנֵי עַמּוֹן׃ וְיִשְׁלַח יָדוֹ בַּאֲרָצוֹת וְאֶרֶץ מִצְרַיִם
מג לֹא תִהְיֶה לִפְלֵיטָה׃ וּמָשַׁל בְּמִכְמַנֵּי הַזָּהָב וְהַכֶּסֶף וּבְכֹל
מד חֲמֻדוֹת מִצְרָיִם וְלֻבִים וְכֻשִׁים בְּמִצְעָדָיו׃ וּשְׁמֻעוֹת יְבַהֲלֻהוּ
מִמִּזְרָח וּמִצָּפוֹן וְיָצָא בְּחֵמָא גְדֹלָה לְהַשְׁמִיד וּלְהַחֲרִים
מה רַבִּים׃ וְיִטַּע אָהֳלֵי אַפַּדְנוֹ בֵּין יַמִּים לְהַר צְבִי־קֹדֶשׁ וּבָא
עַד־קִצּוֹ וְאֵין עוֹזֵר לוֹ׃

יב

א וּבָעֵת הַהִיא יַעֲמֹד מִיכָאֵל הַשַּׂר הַגָּדוֹל הָעֹמֵד עַל־בְּנֵי
עַמֶּךָ וְהָיְתָה עֵת צָרָה אֲשֶׁר לֹא־נִהְיְתָה מִהְיוֹת גּוֹי עַד
הָעֵת הַהִיא וּבָעֵת הַהִיא יִמָּלֵט עַמְּךָ כָּל־הַנִּמְצָא כָּתוּב
ב בַּסֵּפֶר׃ וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת־עָפָר יָקִיצוּ אֵלֶּה לְחַיֵּי
ג עוֹלָם וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת לְדִרְאוֹן עוֹלָם׃ וְהַמַּשְׂכִּלִים יַזְהִרוּ
כְּזֹהַר הָרָקִיעַ וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד׃
ד וְאַתָּה דָנִיֵּאל סְתֹם הַדְּבָרִים וַחֲתֹם הַסֵּפֶר עַד־עֵת קֵץ
ה יְשֹׁטְטוּ רַבִּים וְתִרְבֶּה הַדָּעַת׃ וְרָאִיתִי אֲנִי דָנִיֵּאל וְהִנֵּה
שְׁנַיִם אֲחֵרִים עֹמְדִים אֶחָד הֵנָּה לִשְׂפַת הַיְאֹר וְאֶחָד הֵנָּה
ו לִשְׂפַת הַיְאֹר׃ וַיֹּאמֶר לָאִישׁ לְבוּשׁ הַבַּדִּים אֲשֶׁר מִמַּעַל
ז לְמֵימֵי הַיְאֹר עַד־מָתַי קֵץ הַפְּלָאוֹת׃ וָאֶשְׁמַע אֶת־הָאִישׁ ׀
לְבוּשׁ הַבַּדִּים אֲשֶׁר מִמַּעַל לְמֵימֵי הַיְאֹר וַיָּרֶם יְמִינוֹ
וּשְׂמֹאלוֹ אֶל־הַשָּׁמַיִם וַיִּשָּׁבַע בְּחֵי הָעוֹלָם כִּי לְמוֹעֵד
מוֹעֲדִים וָחֵצִי וּכְכַלּוֹת נַפֵּץ יַד־עַם־קֹדֶשׁ תִּכְלֶינָה כָל־

יא, לט׳ יכר ק׳ מ׳ מב׳ רפי נפתח מ״ד א׳ במקום ה

מיט גאָלד און מיט זילבער, און מיט טייער געשטיין, און מיט גלוסטיקע זאַכן. 39 און ער וועט אַרבעטן אויף שטאַרקע פעסטונגען מיט אַ פרעמדן גאָט, צו די וואָס ער וועט אָנדערקענען וועט ער מערן כבוד; און ער וועט זיי מאַכן געוועלטיקן איבער פילן, און ערד וועט ער [זיי] צעטיילן צום לוין.

40 און אין דער צייט פון קֵץ, וועט זיך צונויפשטויסן מיט אים דער מלך פון דָרום, און דער מלך פון צפון וועט שטורעמען אויף אים מיט רייטוועגן, און מיט רייטער, און מיט פיל שיפן; און ער וועט קומען אין די לענדער, און וועט פלייצנדיק דורכגיין. 41 און ער וועט קומען אין דעם שיינעם לאַנד, און פיל [לענדער] וועלן פאַלן, נאָר דידאָזיקע וועלן ניצול ווערן פון זיין האַנט: אֶדום, און מוֹאָב, און דער הויפּטטייל פון די קינדער פון עַמון. 42 און ער וועט אויסשטרעקן זיין האַנט אויף די לענדער, און דאָס לאַנד מִצרַיִם וועט ניט אַנטרונען ווערן. 43 און ער וועט געוועלטיקן איבער די שאַצן פון גאָלד און זילבער, און איבער אַלע גלוסטיקע זאַכן פון מִצרַיִם; און די לובים און די כּושים וועלן זיין צו זיינע טריט. 44 אָבער הערונגען פון מזרח און פון צפון וועלן אים דערשרעקן; און ער וועט אַרויסגיין מיט גרויס גרימצאָרן צו פאַרטיליקן און צו פאַרוויסטן פיל. 45 און ער וועט אויפשטעלן די געצעלטן פון זיין פּאַלאַץ צווישן די ימען און דעם באַרג פון היילקער שיינקייט. און ער וועט קומען צו זיין סוֹף, און קיינער וועט אים ניט העלפן.

## יב

1 און אין יענער צייט וועט אויפשטיין מיכָאֵל, דער גרויסער שַׂר, וואָס שטייט פאַר די קינדער פון דיין פאָלק, און עס וועט זיין אַ צייט פון נויט וואָס איז ניט געווען פון זינט עס איז דאָ אַן אומה ביז יענער צייט. און אין יענער צייט וועט דיין פאָלק ניצול ווערן, איטלעכער וואָס איז פאַרשריבן אין דעם בוך. 2 און פיל פון די וואָס שלאָפן אין דעם שטויב פון דער ערד, וועלן זיך אויפכאַפּן, טייל צו אייביקן לעבן, און טייל צו שאַנדן, צו אייביקן עקל. 3 און די פאַרשטאַנדיקע וועלן גלאַנצן אַזוי ווי דער גלאַנץ פון הימל, און די וואָס האָבן געבראַכט פיל צו גערעכטיקייט, אַזוי ווי די שטערן אויף אייביק און שטענדיק.

4 און דו, דניאל, באַהאַלט די ווערטער, און פאַרחתמע דאָס בוך ביז דער צייט פון קֵץ; פיל וועלן אַרומוואַנדערן הין און הער, און די קענשאַפט וועט זיך מערן.

5 און איך, דניאל, האָב געזען, ערשט צוויי אַנדערע זיינען געשטאַנען, איינער ביים ברעג טייך פון דער זייט, און איינער ביים ברעג טייך פון יענער זייט. 6 און איינער האָט געזאָגט צו דעם מאַן אָנגעקליידט אין ליינען, וואָס איז געווען איבער די וואַסערן פון טייך: ווי לאַנג ביז דעם וואונדערלעכן קֵץ? 7 און איך האָב געהערט דעם מאַן אָנגעקליידט אין ליינען, וואָס איבער די וואַסערן פון טייך, ווי ער האָט אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט און זיין לינקע צום הימל, און האָט געשוואָרן ביי דעם וואָס לעבט אייביק, אַז דאָס איז ביז אַ צייט, צייטן, און אַ האַלב; און ווען מע ענדיקט צעפּיצלען די מאַכט פון דעם היילקן פאָלק, וועט זיך ענדיקן דאָס אַלץ.

8 און איך האָב געהערט, אָבער איך האָב ניט פאַר־
שטאַנען; האָב איך געזאָגט: מיין האַר, וואָס וועט זיין דער
סוף דערפון? 9 האָט ער געזאָגט: גיי, דניאל, וואָרום באַ־
האַלטן און פאַרחתמעט זיינען די ווערטער ביז דער צייט
פון קץ. 10 פיל וועלן געקלערט און גערייניקט און גע־
לייטערט ווערן, אָבער די שלעכטע וועלן טאָן שלעכטס,
און אַלע שלעכטע וועלן ניט פאַרשטיין; אָבער די פאַר־
שטאַנדיקע וועלן פאַרשטיין. 11 און פון דער צייט וואָס
דער שטענדיקער קרבן וועט אָפּגעטאָן ווערן, און מע וועט אויפשטעלן די אומווערדיקייט וואָס צעגרוילט, וועט זיין
טויזנט צוויי הונדערט און ניינציק טעג. 12 וויל צו דעם וואָס האַרט און וועט דערגרייכן ביז טויזנט דריי הונדערט און
פינף און דרייסיק טעג. 13 און דו גיי, ביז צום קץ; און וועסט קומען צו דיין רו, און וועסט אויפשטיין צו דיין גורל אין
סוף פון די טעג.

ח אֵלֶּה׃ וַאֲנִי שָׁמַעְתִּי וְלֹא אָבִין וָאֹמְרָה אֲדֹנִי מָה אַחֲרִית
ט אֵלֶּה׃ וַיֹּאמֶר לֵךְ דָּנִיֵּאל כִּי־סְתֻמִים וַחֲתֻמִים הַדְּבָרִים
י עַד־עֵת קֵץ׃ יִתְבָּרְרוּ וְיִתְלַבְּנוּ וְיִצָּרְפוּ רַבִּים וְהִרְשִׁיעוּ
יא רְשָׁעִים וְלֹא יָבִינוּ כָּל־רְשָׁעִים וְהַמַּשְׂכִּלִים יָבִינוּ׃ וּמֵעֵת
הוּסַר הַתָּמִיד וְלָתֵת שִׁקּוּץ שֹׁמֵם יָמִים אֶלֶף מָאתַיִם
יב וְתִשְׁעִים׃ אַשְׁרֵי הַמְחַכֶּה וְיַגִּיעַ לְיָמִים אֶלֶף שְׁלֹשׁ מֵאוֹת
יג שְׁלֹשִׁים וַחֲמִשָּׁה׃ וְאַתָּה לֵךְ לַקֵּץ וְתָנוּחַ וְתַעֲמֹד לְגֹרָלְךָ
לְקֵץ הַיָּמִין׃

# חזק

סכום פסוקי דספר דניאל שלש מאות וחמשים ושבעה. וסימנו
כי רוח יי׳ נשבה בו. וחציו: אדין גבריא אלך הרגשו.
וסדריו שבעה. וסימנו צדקי בה

# עֶזְרָא

א ¹ אוּן אין ערשטן יאָר פוּן כּוֹרֶשׁ דעם מלך פוּן פָּרַס, אַז עס איז אויסגעפירט געוואָרן דאָס וואָרט פוּן גאָט דורך יִרמְיָהס מויל, האָט גאָט דערוועקט דעם גייסט פוּן כּוֹרֶשׁ דעם מלך פוּן פָּרַס, אוּן ער האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויסרוּף אין זיין גאַנצן קיניגרייך, אוּן אויך דורך אַ געשריפטס, אַזוי צוּ זאָגן: ² אַזוי האָט געזאָגט כּוֹרֶשׁ דער מלך פוּן פָּרַס: אַלע קיניגרייכן פוּן דער ערד האָט מיר געגעבן יהוה דער גאָט פוּן די הימלען; אוּן ער האָט מיר באַפוילן אים צוּ בויען אַ הויז אין ירוּשָׁלַיִם וואָס אין יהוּדה. ³ ווער עס איז דאָ צווישן אַייך פוּן זיין גאַנצן פאָלק, זאָל זיין גאָט זיין מיט אים, אוּן זאָל ער אַרויפגיין קיין ירוּשָׁלַיִם וואָס אין יהוּדה, אוּן בויען דאָס הויז פוּן יהוה דעם גאָט פוּן ישׂראל, דאָס איז דער גאָט וואָס אין ירוּשָׁלַיִם. ⁴ אוּן איטלעכער וואָס איז געבליבן, פוּן איטלעכן אָרט וואָס ער ווינט דאָרטן, זאָלן די מענטשן פוּן זיין אָרט אים העלפן מיט זילבער אוּן מיט גאָלד, אוּן מיט גוּטס, אוּן מיט בהמות, אין איינעם מיט אַ נדבה פאַר גאָטס הויז וואָס אין ירוּשָׁלַיִם.

⁵ זיינען אויפגעשטאַנען די הויפּטן פוּן די פאָטער־הייזער פוּן יהוּדה אוּן בנימין, אוּן די כֹּהנים אוּן די לְוִיִים, איטלעכער וואָס גאָט האָט דערוועקט זיין גייסט אַרויפצוּגיין בויען דאָס הויז פוּן גאָט וואָס אין ירוּשָׁלַיִם. ⁶ אוּן אַלע זייערע אַרוּמיקע האָבן געשטאַרקט זייערע הענט מיט זילבערנע כלים, מיט גאָלד, מיט גוּטס, אוּן מיט בהמות, אוּן מיט טייערע זאַכן, אַחוּץ אַלע וואָס זיי האָבן מנדב געווען.

⁷ אוּן דער מלך כּוֹרֶשׁ האָט אַרויסגענוּמען די כלים פוּן גאָטס הויז וואָס נבוּכַדנֶצַּר האָט אַרויסגעפירט פוּן ירוּשָׁלַיִם, אוּן זיי אַריינגעשטעלט אין הויז פוּן זיינע געטער; ⁸ זיי האָט אַרויסגענוּמען כּוֹרֶשׁ דער מלך פוּן פָּרַס דורך דער האַנט פוּן מִתְרְדָת דעם שאַצמייסטער, אוּן ער האָט זיי אויסגעציילט צוּ שֵׁשְׁבַּצַּר דעם פירשט פוּן יהוּדה. ⁹ אוּן דאָס איז געווען זייער צאָל: גילדערנע בעקנס דרייסיק, זילבערנע בעקנס טויזנט, חַלָפים ניין אוּן צוואַנציק; ¹⁰ גילדערנע בעכערס דרייסיק, זילבערנע בעכערס פוּן צווייטן מין פיר הוּנדערט אוּן צען;

א וּבִשְׁנַת אַחַת לְכוֹרֶשׁ מֶלֶךְ פָּרַס לִכְלוֹת דְּבַר־יְהוָה מִפִּי
יִרְמְיָה הֵעִיר יְהוָה אֶת־רוּחַ כֹּרֶשׁ מֶלֶךְ־פָּרַס וַיַּעֲבֶר־קוֹל
ב בְּכָל־מַלְכוּתוֹ וְגַם־בְּמִכְתָּב לֵאמֹר׃ כֹּה אָמַר כֹּרֶשׁ מֶלֶךְ
פָּרַס כֹּל מַמְלְכוֹת הָאָרֶץ נָתַן לִי יְהוָה אֱלֹהֵי הַשָּׁמָיִם
וְהוּא־פָקַד עָלַי לִבְנוֹת־לוֹ בַיִת בִּירוּשָׁלַםִ אֲשֶׁר בִּיהוּדָה׃
ג מִי־בָכֶם מִכָּל־עַמּוֹ יְהִי אֱלֹהָיו עִמּוֹ וְיַעַל לִירוּשָׁלַםִ אֲשֶׁר
בִּיהוּדָה וְיִבֶן אֶת־בֵּית יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הוּא הָאֱלֹהִים
ד אֲשֶׁר בִּירוּשָׁלָםִ׃ וְכָל־הַנִּשְׁאָר מִכָּל־הַמְּקֹמוֹת אֲשֶׁר הוּא
גָר־שָׁם יְנַשְּׂאוּהוּ אַנְשֵׁי מְקֹמוֹ בְּכֶסֶף וּבְזָהָב וּבִרְכוּשׁ
וּבִבְהֵמָה עִם־הַנְּדָבָה לְבֵית הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר בִּירוּשָׁלָםִ׃
ה וַיָּקוּמוּ רָאשֵׁי הָאָבוֹת לִיהוּדָה וּבִנְיָמִן וְהַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם
לְכֹל הֵעִיר הָאֱלֹהִים אֶת־רוּחוֹ לַעֲלוֹת לִבְנוֹת אֶת־בֵּית
ו יְהוָה אֲשֶׁר בִּירוּשָׁלָםִ׃ וְכָל־סְבִיבֹתֵיהֶם חִזְּקוּ בִידֵיהֶם
בִּכְלֵי־כֶסֶף בַּזָּהָב בָּרְכוּשׁ וּבַבְּהֵמָה וּבַמִּגְדָּנוֹת לְבַד עַל־
ז כָּל־הִתְנַדֵּב׃ וְהַמֶּלֶךְ כּוֹרֶשׁ הוֹצִיא אֶת־כְּלֵי בֵית־
יְהוָה אֲשֶׁר הוֹצִיא נְבוּכַדְנֶצַּר מִירוּשָׁלַםִ וַיִּתְּנֵם בְּבֵית
ח אֱלֹהָיו׃ וַיּוֹצִיאֵם כּוֹרֶשׁ מֶלֶךְ פָּרַס עַל־יַד מִתְרְדָת הַגִּזְבָּר
ט וַיִּסְפְּרֵם לְשֵׁשְׁבַּצַּר הַנָּשִׂיא לִיהוּדָה׃ וְאֵלֶּה מִסְפָּרָם
אֲגַרְטְלֵי זָהָב שְׁלֹשִׁים אֲגַרְטְלֵי־כֶסֶף אָלֶף מַחֲלָפִים תִּשְׁעָה
י וְעֶשְׂרִים׃ כְּפוֹרֵי זָהָב שְׁלֹשִׁים כְּפוֹרֵי כֶסֶף מִשְׁנִים אַרְבַּע

---

ט׳ קָמֵץ מ״ק

אַנדערע כּלים טויזנט. 11 אַלע כּלים פון גאָלד און פון זילבער זיינען געווען פינף טויזנט און פיר הונדערט. אַלע האָט שֵׁשְׁבַּצַר אַרויפגעבראַכט, ווען די פאַרטריבענע זיינען אַרויפגעבראַכט געוואָרן פון בָּבֶל קיין ירושָלַיִם.

ב

1 און דאָס זיינען די קינדער פון דער [יידישער] מדינה וואָס זיינען אַרויפגעגאַנגען פון די גלות־געפאַנגענע, וואָס נבוכַדנֶצר דער מלך פון בָּבֶל האָט פאַרטריבן קיין בָּבֶל, און זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין ירושָלַיִם און יהודה, איטלעכער צו זיין שטאָט; 2 די וואָס זיינען געקומען מיט זרובָּבֶלן, יֵשוּעַן, נחֶמיָהן, שׂרָיָהן, רְעֵלָיָהן, מָרדכַין, בִּלשָנען, מִספָּרן, בִּגוַין, רחומען, בַּעֲנָהן.

די צאָל פון די מענער פון פאָלק ישׂראל:

3 די קינדער פון פַּרעוֹש, צוויי טויזנט הונדערט און צוויי און זיבעציק.

4 די קינדער פון שפַטיָה, דריי הונדערט צוויי און זיבעציק.

5 די קינדער פון אָרַח, זיבן הונדערט פינף און זיבעציק.

6 די קינדער פון פַּחַת־מוֹאָב, פון די קינדער פון יֵשוּעַ און יוֹאָב, צוויי טויזנט אַכט הונדערט און צוועלף.

7 די קינדער פון עֵילָם, טויזנט צוויי הונדערט פיר און פופציק.

8 די קינדער פון זַתּוּא, ניין הונדערט און פינף און פערציק.

9 די קינדער פון זַכַּי, זיבן הונדערט און זעכציק.

10 די קינדער פון בָּני, זעקס הונדערט צוויי און פערציק.

11 די קינדער פון בֵּבָי, זעקס הונדערט דריי און צוואַנציק.

12 די קינדער פון עַזגָד, טויזנט צוויי הונדערט צוויי און צוואַנציק.

13 די קינדער פון אַדוֹניקָם, זעקס הונדער זעקס און זעכציק.

14 די קינדער פון בִּגוַי, צוויי טויזנט זעקס און פופציק.

15 די קינדער פון עָדִין, פיר הונדערט פיר און פופציק.

16 די קינדער פון אָטֵר, פון חִזקִיָהן, אַכט און ניינציק.

17 די קינדער פון בֵּצָי, דריי הונדערט דריי און צוואַנציק.

18 די קינדער פון יוֹרָה, הונדערט און צוועלף.

19 די קינדער פון חָשוּם, צוויי הונדערט דריי און צוואַנציק.

20 די קינדער פון גִבָּר, פינף און ניינציק.

21 די קינדער פון בֵּית־לֶחֶם, הונדערט דריי און צוואַנציק.

22 די מענטשן פון נטוֹפָה, זעקס און פופציק.

23 די מענטשן פון עֲנָתוֹת, הונדערט אַכט און צוואַנציק.

24 די קינדער פון עַזמָוֶת, צוויי און פערציק.

25 די קינדער פון קִריַת־עָרִים, כּפִירָה, און בּאֵרוֹת, זיבן הונדערט און דריי און פערציק.

26 די קינדער פון רָמָה און גֶבַע, זעקס הונדערט איין און צוואַנציק.

27 די מענטשן פון מִכמָס, הונדערט צוויי און צוואַנציק.

28 די מענטשן פון בֵּית־אֵל און עַי, צוויי הונדערט דריי און צוואַנציק.

29 די קינדער פון נבוֹ, צוויי און פופציק.

יא מֵאוֹת וַעֲשָׂרָה כֵּלִים אֲחֵרִים אָלֶף׃ כָּל־כֵּלִים לַזָּהָב וְלַכֶּסֶף
חֲמֵשֶׁת אֲלָפִים וְאַרְבַּע מֵאוֹת הַכֹּל הֶעֱלָה שֵׁשְׁבַּצַּר עִם
הֵעָלוֹת הַגּוֹלָה מִבָּבֶל לִירוּשָׁלָֽם׃

ב

א וְאֵלֶּה ׀ בְּנֵי הַמְּדִינָה הָעֹלִים מִשְּׁבִי הַגּוֹלָה אֲשֶׁר הֶגְלָה
נְבוּכַדְנֶצּוֹר מֶלֶךְ־בָּבֶל לְבָבֶל וַיָּשׁוּבוּ לִירוּשָׁלַםִ וִיהוּדָה
ב אִישׁ לְעִירוֹ׃ אֲשֶׁר־בָּאוּ עִם־זְרֻבָּבֶל יֵשׁוּעַ נְחֶמְיָה שְׂרָיָה
רְעֵלָיָה מָרְדֳּכַי בִּלְשָׁן מִסְפָּר בִּגְוַי רְחוּם בַּעֲנָה מִסְפַּר
ג אַנְשֵׁי עַם יִשְׂרָאֵל׃ בְּנֵי פַרְעֹשׁ אַלְפַּיִם מֵאָה שִׁבְעִים
ד ה וּשְׁנָיִם׃ בְּנֵי שְׁפַטְיָה שְׁלֹשׁ מֵאוֹת שִׁבְעִים וּשְׁנָיִם׃ בְּנֵי
ו אָרַח שְׁבַע מֵאוֹת חֲמִשָּׁה וְשִׁבְעִים׃ בְּנֵי־פַחַת מוֹאָב
ז לִבְנֵי יֵשׁוּעַ יוֹאָב אַלְפַּיִם שְׁמֹנֶה מֵאוֹת וּשְׁנֵים עָשָׂר׃ בְּנֵי
ח עֵילָם אֶלֶף מָאתַיִם חֲמִשִּׁים וְאַרְבָּעָה׃ בְּנֵי זַתּוּא תְּשַׁע
ט מֵאוֹת וְאַרְבָּעִים וַחֲמִשָּׁה׃ בְּנֵי זַכָּי שְׁבַע מֵאוֹת וְשִׁשִּׁים׃
י יא בְּנֵי בָנִי שֵׁשׁ מֵאוֹת אַרְבָּעִים וּשְׁנָיִם׃ בְּנֵי בֵבָי שֵׁשׁ מֵאוֹת
יב עֶשְׂרִים וּשְׁלֹשָׁה׃ בְּנֵי עַזְגָּד אֶלֶף מָאתַיִם עֶשְׂרִים וּשְׁנָיִם׃
יג יד בְּנֵי אֲדֹנִיקָם שֵׁשׁ מֵאוֹת שִׁשִּׁים וְשִׁשָּׁה׃ בְּנֵי בִגְוָי אַלְפַּיִם
טו חֲמִשִּׁים וְשִׁשָּׁה׃ בְּנֵי עָדִין אַרְבַּע מֵאוֹת חֲמִשִּׁים וְאַרְבָּעָה׃
טז יז בְּנֵי־אָטֵר לִיחִזְקִיָּה תִּשְׁעִים וּשְׁמֹנָה׃ בְּנֵי בֵצָי שְׁלֹשׁ מֵאוֹת
יח יט עֶשְׂרִים וּשְׁלֹשָׁה׃ בְּנֵי יוֹרָה מֵאָה וּשְׁנֵים עָשָׂר׃ בְּנֵי חָשֻׁם
כ כא מָאתַיִם עֶשְׂרִים וּשְׁלֹשָׁה׃ בְּנֵי גִבָּר תִּשְׁעִים וַחֲמִשָּׁה׃ בְּנֵי
כב בֵית־לָחֶם מֵאָה עֶשְׂרִים וּשְׁלֹשָׁה׃ אַנְשֵׁי נְטֹפָה חֲמִשִּׁים
כג כד וְשִׁשָּׁה׃ אַנְשֵׁי עֲנָתוֹת מֵאָה עֶשְׂרִים וּשְׁמֹנָה׃ בְּנֵי עַזְמָוֶת
כה אַרְבָּעִים וּשְׁנָיִם׃ בְּנֵי קִרְיַת עָרִים כְּפִירָה וּבְאֵרוֹת שְׁבַע
כו מֵאוֹת וְאַרְבָּעִים וּשְׁלֹשָׁה׃ בְּנֵי הָרָמָה וָגָבַע שֵׁשׁ מֵאוֹת
כז כח עֶשְׂרִים וְאֶחָד׃ אַנְשֵׁי מִכְמָס מֵאָה עֶשְׂרִים וּשְׁנָיִם׃ אַנְשֵׁי
כט בֵית־אֵל וְהָעָי מָאתַיִם עֶשְׂרִים וּשְׁלֹשָׁה׃ בְּנֵי נְבוֹ חֲמִשִּׁים

ב, א׳ יתיר ו׳ בס״א וישבו לירושלם בס״א וליהודה
כא׳ כו׳ כח׳ קמץ בז״ק

וּשְׁנָֽיִם׃ בְּנֵ֣י מַגְבִּ֔ישׁ מֵאָ֖ה חֲמִשִּׁ֥ים וְשִׁשָּֽׁה׃ בְּנֵי֙ עֵילָ֣ם ל לא
אַחֵ֔ר אֶ֕לֶף מָאתַ֖יִם חֲמִשִּׁ֥ים וְאַרְבָּעָֽה׃ בְּנֵ֣י חָרִ֔ם שְׁלֹ֥שׁ לב
מֵא֖וֹת וְעֶשְׂרִֽים׃ בְּנֵי־לֹ֣ד חָדִ֣יד וְאוֹנ֔וֹ שְׁבַ֥ע מֵא֖וֹת עֶשְׂרִ֥ים לג
וַחֲמִשָּֽׁה׃ בְּנֵ֣י יְרֵח֔וֹ שְׁלֹ֥שׁ מֵא֖וֹת אַרְבָּעִ֥ים וַחֲמִשָּֽׁה׃ בְּנֵ֣י לד לה
סְנָאָ֔ה שְׁלֹ֧שֶׁת אֲלָפִ֛ים וְשֵׁ֥שׁ מֵא֖וֹת וּשְׁלֹשִֽׁים׃ הַכֹּהֲנִ֑ים לו
בְּנֵ֤י יְדַֽעְיָה֙ לְבֵ֣ית יֵשׁ֔וּעַ תְּשַׁ֥ע מֵא֖וֹת שִׁבְעִ֥ים וּשְׁלֹשָֽׁה׃ בְּנֵ֣י לז
אִמֵּ֔ר אֶ֖לֶף חֲמִשִּׁ֥ים וּשְׁנָֽיִם׃ בְּנֵ֣י פַשְׁח֔וּר אֶ֕לֶף מָאתַ֖יִם לח
אַרְבָּעִ֥ים וְשִׁבְעָֽה׃ בְּנֵ֣י חָרִ֔ם אֶ֖לֶף וְשִׁבְעָ֥ה עָשָֽׂר׃ הַלְוִיִּ֑ם לט מ
בְּנֵֽי־יֵשׁ֧וּעַ וְקַדְמִיאֵ֛ל לִבְנֵ֥י הוֹדַוְיָ֖ה שִׁבְעִ֥ים וְאַרְבָּעָֽה׃
הַמְשֹׁרְרִ֑ים בְּנֵ֣י אָסָ֔ף מֵאָ֖ה עֶשְׂרִ֥ים וּשְׁמֹנָֽה׃ בְּנֵ֣י הַשֹּׁעֲרִ֗ים מא מב
בְּנֵֽי־שַׁלּ֤וּם בְּנֵֽי־אָטֵר֙ בְּנֵֽי־טַלְמֹ֣ן בְּנֵֽי־עַקּ֔וּב בְּנֵ֥י חֲטִיטָ֖א
בְּנֵ֣י שֹׁבָ֑י הַכֹּ֕ל מֵאָ֖ה שְׁלֹשִׁ֥ים וְתִשְׁעָֽה׃ הַנְּתִינִ֑ים בְּנֵֽי־צִיחָ֥א מג
בְנֵֽי־חֲשׂוּפָ֖א בְּנֵ֥י טַבָּעֽוֹת׃ בְּנֵֽי־קֵרֹ֥ס בְּנֵֽי־סִיעֲהָ֖א בְּנֵ֥י מד
פָדֽוֹן׃ בְּנֵֽי־לְבָנָ֥ה בְנֵֽי־חֲגָבָ֖ה בְּנֵ֥י עַקּֽוּב׃ בְּנֵֽי־חָגָ֥ב בְּנֵֽי־ מה מו
שַׁמְלַ֖י בְּנֵ֥י חָנָֽן׃ בְּנֵֽי־גִדֵּ֥ל בְּנֵֽי־גַ֖חַר בְּנֵ֥י רְאָיָֽה׃ בְּנֵֽי־רְצִ֥ין מז מח
בְּנֵֽי־נְקוֹדָ֖א בְּנֵ֥י גַזָּֽם׃ בְּנֵי־עֻזָּ֥א בְנֵֽי־פָסֵ֖חַ בְּנֵ֥י בֵסָֽי׃ בְּנֵי־ מט נ
אַסְנָ֥ה בְנֵֽי־מְעוּנִ֖ים בְּנֵ֥י נְפִיסִֽים׃ בְּנֵֽי־בַקְבּ֥וּק בְּנֵֽי־חֲקוּפָ֖א נא
בְּנֵ֥י חַרְחֽוּר׃ בְּנֵֽי־בַצְל֥וּת בְּנֵֽי־מְחִידָ֖א בְּנֵ֥י חַרְשָֽׁא׃ בְּנֵֽי־ נב נג
בַרְק֥וֹס בְּנֵֽי־סִֽיסְרָ֖א בְּנֵי־תָֽמַח׃ בְּנֵ֥י נְצִ֖יחַ בְּנֵ֥י חֲטִיפָֽא׃ נד
בְּנֵ֖י עַבְדֵ֣י שְׁלֹמֹ֑ה בְּנֵֽי־סֹטַ֥י בְּנֵֽי־הַסֹּפֶ֖רֶת בְּנֵ֥י פְרוּדָֽא׃ בְּנֵֽי־ נה נו
יַעְלָ֥ה בְנֵֽי־דַרְק֖וֹן בְּנֵ֥י גִדֵּֽל׃ בְּנֵ֧י שְׁפַטְיָ֣ה בְנֵֽי־חַטִּ֗יל בְּנֵ֛י נז
פֹּכֶ֥רֶת הַצְּבָיִ֖ים בְּנֵ֥י אָמִֽי׃ כָּל־הַנְּתִינִ֔ים וּבְנֵ֖י עַבְדֵ֣י שְׁלֹמֹ֑ה נח
שְׁלֹ֥שׁ מֵא֖וֹת תִּשְׁעִ֥ים וּשְׁנָֽיִם׃ וְאֵ֨לֶּה הָעֹלִ֜ים מִתֵּ֥ל נט
מֶ֙לַח֙ תֵּ֣ל חַרְשָׁ֔א כְּר֥וּב אַדָּ֖ן אִמֵּ֑ר וְלֹ֣א יָכְל֗וּ לְהַגִּ֤יד בֵּית־
אֲבוֹתָם֙ וְזַרְעָ֔ם אִ֥ם מִיִּשְׂרָאֵ֖ל הֵֽם׃ בְּנֵֽי־דְלָיָ֥ה בְנֵֽי־טוֹבִיָּ֖ה ס
בְּנֵ֣י נְקוֹדָ֑א שֵׁ֥שׁ מֵא֖וֹת חֲמִשִּׁ֥ים וּשְׁנָֽיִם׃ וּמִבְּנֵי֙ הַכֹּ֣הֲנִ֔ים סא
בְּנֵ֥י חֳבַיָּ֖ה בְּנֵ֣י הַקּ֑וֹץ בְּנֵ֣י בַרְזִלַּ֗י אֲשֶׁר֩ לָקַ֨ח מִבְּנ֜וֹת בַּרְזִלַּ֤י

מו׳ שלמי קרי   נ׳ בס״א אסנא   נפוסים קרי   נב׳ בס״א מחירא

30 די קינדער פון מַגבּיש, הונדערט זעקס און פופציק.
31 די קינדער פון דער אַנדער עֵילָם, טויזנט צוויי הונדערט פיר און פופציק.
32 די קינדער פון חָרִם, דריי הונדערט און צוואַנציק.
33 די קינדער פון לוד, חָדִיד, און אוֹנוֹ, זיבן הונדערט פינף און צוואַנציק.
34 די קינדער פון יריחוֹ, דריי הונדערט פינף און פערציק.
35 די קינדער פון סְנָאָה, דריי טויזנט און זעקס הונדערט און דרייסיק.

36 די כֹּהנים:
די קינדער פון ידַעְיָה, פון דעם הויז פון יֵשוּעַ, ניין הונדערט דריי און זיבעציק.
37 די קינדער פון אִמֵר, טויזנט צוויי און פופציק.
38 די קינדער פון פַּשחוּר, טויזנט צוויי הונדערט זיבן און פערציק.
39 די קינדער פון חָרִם, טויזנט און זיבעצן.

40 די לְוִיִם:
די קינדער פון יֵשוּעַ און קַדמיאֵל, פון די קינדער פון הוֹדַוְיָה, פיר און זיבעציק.

41 די זינגערס:
די קינדער פון אָסָף, הונדערט אַכט און צוואַנציק.

42 די קינדער פון די טויערלייט:
די קינדער פון שַלוּם, די קינדער פון אָטֵר, די קינדער פון טַלמוֹן, די קינדער פון עַקוּב, די קינדער פון חֲטיטָא, די קינדער פון שוֹבָי; אין גאַנצן הונדערט ניין און דרייסיק.

43 די נתינים:
די קינדער פון ציחָא, די קינדער פון חֲשוּפָא, די קינדער פון טַבָּעוֹת; 44 די קינדער פון קֵרוֹס, די קינדער פון סיעֲהָא, די קינדער פון פָּדוֹן; 45 די קינדער פון לְבָנָה, די קינדער פון חֲגָבָה, די קינדער פון עַקוּב; 46 די קינדער פון חָגָב, די קינדער פון שַלְמַי, די קינדער פון חָנָן; 47 די קינדער פון גִדֵל, די קינדער פון גַחַר, די קינדער פון רְאָיָה. 48 די קינדער פון רצין, די קינדער פון נקוֹדָא, די קינדער פון גַזָם; 49 די קינדער פון עוזָא, די קינדער פון פָּסֵחַ, די קינדער פון בֵּסָי; 50 די קינדער פון אַסנָה, די קינדער פון מְעונים, די קינדער פון נפוסים; 51 די קינדער פון בַּקבּוק, די קינדער פון חֲקוּפָא, די קינדער פון חַרחור; 52 די קינדער פון בַּצלוּת, די קינדער פון מחידָא, די קינדער פון חַרשָא; 53 די קינדער פון בַּרקוֹס, די קינדער פון סיסרָא, די קינדער פון תֶּמַח; 54 די קינדער פון נציחַ, די קינדער פון חֲטיפָא.

55 די קינדער פון שלמהס קנעכט:
די קינדער פון סוֹטַי, די קינדער פון הַסוֹפֶרֶת, די קינדער פון פּרודָא; 56 די קינדער פון יַעֲלָה, די קינדער פון דַרקוֹן, די קינדער פון גִדֵל; 57 די קינדער פון שפַטיָה, די קינדער פון חַטיל, די קינדער פון פּוֹכֶרֶת־הַצְבָיִים, די קינדער פון אָמִי.

58 אַלע נתינים און די קינדער פון שלמהס קנעכט: דריי הונדערט צוויי און ניינציק.

59 און דאָס זיינען די וואָס זיינען אַרויפגעגאַנגען פון תֵל־מֶלַח, תֵל־חַרשָא, כּרוב, אַדָן, אִמֵר, און האָבן ניט געקענט זאָגן זייער פאָטערהויז און זייער אָפּשטאַם, אויב זיי זיינען פון ישראל:
60 די קינדער פון דלָיָה, די קינדער פון טוֹבִיָה, די קינדער פון נקוֹדָא—זעקס הונדערט צוויי און פופציק. 61 און פון די קינדער פון די כֹּהנים: די קינדער פון חֲבַיָה, די קינדער פון הַקוֹץ, די קינדער פון בַּרזִלַי וואָס האָט גענומען אַ

ווײַב פֿון די טעכטער פֿון בַּרזִלַי פֿון גִלעָד, און איז גערופֿן געוואָרן אויף זײער נאָמען.

[62] דידאָזיקע האָבן געזוכט זײערע יחוס־בריװ, און זײ זײַנען ניט געפֿונען געוואָרן, און זײ זײַנען געהאַלטן גע־וואָרן פֿאַר אומווערדיק צו דער כּהונה. [63] און דער תִּרשָׁתָא האָט זײ פֿאַרזאָגט, אַז זײ זאָלן ניט עסן פֿון דעם גאָר הײליקן, ביז עס װעט אויפֿשטײן אַ כּהן מיט אורים־ותומים.

[64] די גאַנצע עדה אין אײנעם איז געווען צוױי און פֿערציק טויזנט דרײַ הונדערט און זעכציק; [65] אַחוץ זײערע קנעכט און זײערע דינסטן; דידאָזיקע זײַנען געווען זיבן טויזנט דרײַ הונדערט זיבן און דרײַסיק. און זײ האָבן געהאַט זינגערס און זינגערינס צוױי הונדערט. [66] זײערע פֿערד זײַנען געווען זיבן הונדערט זעקס און דרײַסיק; זײערע מוילאײזלען, צוױי הונדערט פֿינף און פֿערציק; [67] זײערע קעמלען, פֿיר הונדערט פֿינף און דרײַסיק; אײזלען, זעקס טויזנט זיבן הונדערט און צוואַנציק.

[68] און טײל פֿון די הויפּטן פֿון די פֿאָטערהײַזער, אַז זײ זײַנען געקומען אין גאָטס הויז אין ירושָלַיִם, האָבן מנדב געווען פֿאַר גאָטס הויז, כּדי אים אויפֿצושטעלן אויף זײַן אָרט. [69] זײ האָבן געגעבן לויט זײערע כּוחות פֿאַר דעם שאַץ פֿון דער אַרבעט, גאָלד אײן און זעכציק טויזנט דַרכּמונים, און זילבער פֿינף טויזנט מָנֶה, און העמדלעך פֿאַר די כּהנים, הונדערט.

[70] און די כּהנים און די לוִיִם, און טײל פֿון דעם פֿאָלק, און די זינגערס, און די טויערלײַט, און די נתינים, האָבן זיך באַזעצט אין זײערע שטעט, און גאַנץ ישׂראל אין זײערע שטעט.

סב הַגִּלְעָדִי אִשָּׁה וַיִּקָּרֵא עַל־שְׁמָם׃ אֵלֶּה בִּקְשׁוּ כְתָבָם
סג הַמִּתְיַחְשִׂים וְלֹא נִמְצָאוּ וַיְגֹאֲלוּ מִן־הַכְּהֻנָּה׃ וַיֹּאמֶר
הַתִּרְשָׁתָא לָהֶם אֲשֶׁר לֹא־יֹאכְלוּ מִקֹּדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים עַד
סד עֲמֹד כֹּהֵן לְאוּרִים וּלְתֻמִּים׃ כָּל־הַקָּהָל כְּאֶחָד אַרְבַּע
סה רִבּוֹא אַלְפַּיִם שְׁלֹשׁ־מֵאוֹת שִׁשִּׁים׃ מִלְּבַד עַבְדֵיהֶם
וְאַמְהֹתֵיהֶם אֵלֶּה שִׁבְעַת אֲלָפִים שְׁלֹשׁ מֵאוֹת שְׁלֹשִׁים
סו וְשִׁבְעָה וְלָהֶם מְשֹׁרְרִים וּמְשֹׁרְרוֹת מָאתָיִם׃ סוּסֵיהֶם
שְׁבַע מֵאוֹת שְׁלֹשִׁים וְשִׁשָּׁה פִּרְדֵיהֶם מָאתַיִם אַרְבָּעִים
סז וַחֲמִשָּׁה׃ גְּמַלֵּיהֶם אַרְבַּע מֵאוֹת שְׁלֹשִׁים וַחֲמִשָּׁה חֲמֹרִים
סח שֵׁשֶׁת אֲלָפִים שְׁבַע מֵאוֹת וְעֶשְׂרִים׃ וּמֵרָאשֵׁי הָאָבוֹת
בְּבוֹאָם לְבֵית יְהוָה אֲשֶׁר בִּירוּשָׁלָ͏ִם הִתְנַדְּבוּ לְבֵית הָאֱלֹהִים
סט לְהַעֲמִידוֹ עַל־מְכוֹנוֹ׃ כְּכֹחָם נָתְנוּ לְאוֹצַר הַמְּלָאכָה זָהָב
דַּרְכְּמוֹנִים שֵׁשׁ־רִבֹּאוֹת וָאָלֶף וְכֶסֶף מָנִים חֲמֵשֶׁת אֲלָפִים
ע וְכָתְנֹת כֹּהֲנִים מֵאָה׃ וַיֵּשְׁבוּ הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם וּמִן־
הָעָם וְהַמְשֹׁרְרִים וְהַשּׁוֹעֲרִים וְהַנְּתִינִים בְּעָרֵיהֶם וְכָל־
יִשְׂרָאֵל בְּעָרֵיהֶם׃

ג

א וַיִּגַּע הַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל בֶּעָרִים וַיֵּאָסְפוּ הָעָם
ב כְּאִישׁ אֶחָד אֶל־יְרוּשָׁלָ͏ִם׃ וַיָּקָם יֵשׁוּעַ בֶּן־יוֹצָדָק וְאֶחָיו
הַכֹּהֲנִים וּזְרֻבָּבֶל בֶּן־שְׁאַלְתִּיאֵל וְאֶחָיו וַיִּבְנוּ אֶת־מִזְבַּח
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל לְהַעֲלוֹת עָלָיו עֹלוֹת כַּכָּתוּב בְּתוֹרַת מֹשֶׁה
ג אִישׁ הָאֱלֹהִים׃ וַיָּכִינוּ הַמִּזְבֵּחַ עַל־מְכוֹנֹתָו כִּי בְּאֵימָה
עֲלֵיהֶם מֵעַמֵּי הָאֲרָצוֹת וַיַּעַל עָלָיו עֹלוֹת לַיהוָה עֹלוֹת
ד לַבֹּקֶר וְלָעָרֶב׃ וַיַּעֲשׂוּ אֶת־חַג הַסֻּכּוֹת כַּכָּתוּב וְעֹלַת יוֹם
ה בְּיוֹם בְּמִסְפָּר כְּמִשְׁפַּט דְּבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ׃ וְאַחֲרֵי־כֵן עֹלַת
תָּמִיד וְלֶחֳדָשִׁים וּלְכָל־מוֹעֲדֵי יְהוָה הַמְקֻדָּשִׁים וּלְכֹל
ו מִתְנַדֵּב נְדָבָה לַיהוָה׃ מִיּוֹם אֶחָד לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי הֵחֵלּוּ

ב,סא׳ סבירין לאשה   סד׳ כציל   ג,ג׳ מכונותיו קרי   ויעלו קרי

ג [1] און אַז דער זיבעטער חודש איז געקומען, און די קינדער פֿון ישׂראל זײַנען געווען אין די שטעט, האָט זיך דאָס פֿאָלק אַײַנגעזאַמלט ווי אײן מאַן קײן ירושָלַיִם. [2] און יֵשׁוּעַ דער זון פֿון יוֹצָדָק, און זײַנע ברידער די כּהנים, און זרובָבל דער זון פֿון שְׁאַלתִּיאֵלן, און זײַנע ברידער, זײַנען אויפֿגעשטאַנען, און זײ האָבן אויפֿגעבויט דעם מזבח פֿון גאָט פֿון ישׂראל, כּדי אויפֿצוברענגען אויף אים בראַנדאָפּפֿער, אַזוי ווי עס שטײט געשריבן אין דער תּורה פֿון משה דעם געט־לעכן מאַן. [3] און זײ האָבן אויפֿגעשטעלט דעם מזבח אויף זײַנע געשטעלן; וואָרום אויף זײ איז געווען די אימה פֿאַר די פֿעלקער פֿון די לענדער. און זײ האָבן אויפֿגעבראַכט אויף אים בראַנדאָפּפֿער צו גאָט, בראַנדאָפּפֿער אין דער פֿרי און אין אָוונט. [4] און זײ האָבן געמאַכט דעם יָום־טוב פֿון סוכּות, אַזוי ווי עס שטײט געשריבן, און די טאָגטעגלעכע בראַנדאָפּפֿער לויט דער צאָל, ווי דער דין איז פֿאַר איטלעכן טאָג; [5] און דערנאָך דאָס שטענדיקע בראַנדאָפּפֿער, און [די קרבּנות] פֿון ראשחודש, און פֿון אַלע געהײליקטע יָום־טובים פֿון גאָט, און פֿון איטלעכן וואָס האָט מנדב געווען אַ נדבה צו גאָט. [6] פֿון ערשטן טאָג אין זיבעטן חודש האָבן זײ אָנגעהויבן אויפֿברענגען בראַנדאָפּפֿער, הגם דער

ז לְהַעֲלוֹת עֹלוֹת לַיהוָה וְהֵיכַל יְהוָה לֹא יֻסָּד׃ וַיִּתְּנוּ־כֶסֶף
לַחֹצְבִים וְלֶחָרָשִׁים וּמַאֲכָל וּמִשְׁתֶּה וָשֶׁמֶן לַצִּדֹנִים וְלַצֹּרִים
לְהָבִיא עֲצֵי אֲרָזִים מִן־הַלְּבָנוֹן אֶל־יָם יָפוֹא כְּרִשְׁיוֹן
ח כּוֹרֶשׁ מֶלֶךְ־פָּרַס עֲלֵיהֶם׃ וּבַשָּׁנָה הַשֵּׁנִית לְבוֹאָם
אֶל־בֵּית הָאֱלֹהִים לִירוּשָׁלַם בַּחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי הֵחֵלּוּ זְרֻבָּבֶל
בֶּן־שְׁאַלְתִּיאֵל וְיֵשׁוּעַ בֶּן־יוֹצָדָק וּשְׁאָר אֲחֵיהֶם ׀ הַכֹּהֲנִים
וְהַלְוִיִּם וְכָל־הַבָּאִים מֵהַשְּׁבִי יְרוּשָׁלַם וַיַּעֲמִידוּ אֶת־הַלְוִיִּם
מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה לְנַצֵּחַ עַל־מְלֶאכֶת בֵּית־יְהוָה׃
ט וַיַּעֲמֹד יֵשׁוּעַ בָּנָיו וְאֶחָיו קַדְמִיאֵל וּבָנָיו בְּנֵי־יְהוּדָה כְּאֶחָד
לְנַצֵּחַ עַל־עֹשֵׂה הַמְּלָאכָה בְּבֵית הָאֱלֹהִים בְּנֵי חֵנָדָד
י בְּנֵיהֶם וַאֲחֵיהֶם הַלְוִיִּם׃ וְיִסְּדוּ הַבֹּנִים אֶת־הֵיכַל יְהוָה
וַיַּעֲמִידוּ הַכֹּהֲנִים מְלֻבָּשִׁים בַּחֲצֹצְרוֹת וְהַלְוִיִּם בְּנֵי־אָסָף
בַּמְצִלְתַּיִם לְהַלֵּל אֶת־יְהוָה עַל־יְדֵי דָּוִיד מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל׃
יא וַיַּעֲנוּ בְּהַלֵּל וּבְהוֹדֹת לַיהוָה כִּי טוֹב כִּי־לְעוֹלָם חַסְדּוֹ
עַל־יִשְׂרָאֵל וְכָל־הָעָם הֵרִיעוּ תְרוּעָה גְדוֹלָה בְהַלֵּל לַיהוָה
יב עַל הוּסַד בֵּית־יְהוָה׃ וְרַבִּים מֵהַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם וְרָאשֵׁי
הָאָבוֹת הַזְּקֵנִים אֲשֶׁר רָאוּ אֶת־הַבַּיִת הָרִאשׁוֹן בְּיָסְדוֹ זֶה
הַבַּיִת בְּעֵינֵיהֶם בֹּכִים בְּקוֹל גָּדוֹל וְרַבִּים בִּתְרוּעָה בְשִׂמְחָה
יג לְהָרִים קוֹל׃ וְאֵין הָעָם מַכִּירִים קוֹל תְּרוּעַת הַשִּׂמְחָה
לְקוֹל בְּכִי הָעָם כִּי הָעָם מְרִיעִים תְּרוּעָה גְדוֹלָה וְהַקּוֹל
נִשְׁמַע עַד־לְמֵרָחוֹק׃

ד

א וַיִּשְׁמְעוּ צָרֵי יְהוּדָה וּבִנְיָמִן כִּי־בְנֵי הַגּוֹלָה בּוֹנִים הֵיכָל
ב לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּגְּשׁוּ אֶל־זְרֻבָּבֶל וְאֶל־רָאשֵׁי
הָאָבוֹת וַיֹּאמְרוּ לָהֶם נִבְנֶה עִמָּכֶם כִּי כָכֶם נִדְרוֹשׁ
לֵאלֹהֵיכֶם וְלֹא ׀ אֲנַחְנוּ זֹבְחִים מִימֵי אֵסַר חַדֹּן מֶלֶךְ אַשּׁוּר
ג הַמַּעֲלֶה אֹתָנוּ פֹּה׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם זְרֻבָּבֶל וְיֵשׁוּעַ וּשְׁאָר

ד, ב׳ לו ק׳

גרונטפעסט פון דעם טעמפל איז נאָך ניט געווען געלייגט.

7 און זיי האָבן געגעבן געלט צו די שטיינהעקער, און צו די האָלצמײַנסטער, און שפּײַז און געטראַנק, און אייל, צו די צידונים, און צו די צורים, אַז זיי זאָלן ברענגען צעדערהאָלץ פון לבָנון ביז דעם ים פון יָפוֹא, לויט דער דערלויבעניש פון כּוֹרֶש דעם מלך פון פָּרַס צו זיי. 8 און אין צווייטן יאָר נאָך זייער קומען צום הויז פון גאָט קיין ירושָלַיִם, אין צווייטן חודש, האָבן גענומען זרובָבל דער זון פון שְאַלתּיאֵלן, און יֵשוּעַ דער זון פון יוֹצָדָקן, און זייערע איבעריקע ברידער די כּהנים און די לוִיִם, און אַלע וואָס זײַנען געקומען פון דער געפאַנגענשאַפט קיין ירושָלַיִם, און זיי האָבן געשטעלט די לוִיִם פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, אָנצופירן די אַרבעט פון גאָטס הויז. 9 און יֵשוּעַ, זײַנע זין, און זײַנע ברידער, און קַדמיאֵל מיט זײַנע זין, די קינדער פון יהודה, זײַנען געשטאַנען אין איינעם אויפצופאַסן איבער די בעל־מלָאכהס אין הויז פון גאָט; [אויך] די קינדער פון חֵנָדָד, זייערע זין, און זייערע ברידער, די לוִיִם.

10 און אַז די בוימײַסטער האָבן געלייגט דעם גרונטפעסט פון גאָטס טעמפל, האָט מען געשטעלט די כּהנים, אָנגעקליידטע, מיט טרומייטן, און די לוִיִם, די קינדער פון אָסָף, מיט צימבלען, צו לויבן גאָט לויט דעם אײַנשטעל פון דוד דעם מלך פון ישׂראל. 11 און זיי האָבן געזונגען לויב און דאַנק צו גאָט: „וואָרום ער איז גוט, וואָרום אייביק איז זײַן חסד אויף ישׂראל“. און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געשאַלט אַ גרויסע שאַלונג אין לויב צו גאָט פאַרוואָס דער גרונטפעסט פון גאָטס הויז איז געלייגט געוואָרן. 12 און פיל פון די כּהנים און די לוִיִם און די הויפּטלײַט פון די פאָטערהײַזער, די זקנים וואָס האָבן געזען דאָס ערשטע הויז, האָבן געוויינט אויף אַ הויכן קָול ווען מע האָט געלייגט דעם גרונטפעסט פון דעמדאָזיקן הויז פאַר זייערע אויגן; און פיל האָבן געשאַלט פאַר שׂמחה אויף אַ הויכן קָול. 13 און דאָס פאָלק האָט ניט געקענט דערקענען צווישן דעם קָול פון שאַלונג פאַר שׂמחה, און דעם קָול פון דעם פאָלקס געוויין; וואָרום דאָס פאָלק האָט געשאַלט אַ גרויסע שאַלונג, און דער קָול האָט זיך געהערט ביז אין דער ווײַטן.

ד 1 און די פֵיינט פון יהודה און בנימין האָבן געהערט אַז די קינדער פון גלות בויען אַ טעמפל צו יהוה דעם גאָט פון ישׂראל. 2 און זיי האָבן גענענט צו זרובָבלען, און צו די הויפּטלײַט פון די פאָטערהײַזער, און האָבן צו זיי געזאָגט: לאָמיר בויען מיט אײַך, וואָרום מיר זוכן אײַער גאָט אַזוי ווי איר, און צו אים שלאַכטן מיר פון די טעג פון אֵסַר־חַדּון דעם מלך פון אַשור, וואָס האָט אונדז אַרויפגעבראַכט אַהער. 3 האָט צו זיי געזאָגט זרובָבל, און יֵשוּעַ, און די איבעריקע

רָאשֵׁי הָאָבוֹת לְיִשְׂרָאֵל לֹא־לָכֶם וָלָנוּ לִבְנוֹת בַּיִת
לֵאלֹהֵינוּ כִּי אֲנַחְנוּ יַחַד נִבְנֶה לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר
ד צִוָּנוּ הַמֶּלֶךְ כּוֹרֶשׁ מֶלֶךְ־פָּרָס׃ וַיְהִי עַם־הָאָרֶץ מְרַפִּים
ה יְדֵי עַם־יְהוּדָה וּמְבַלְּהִים אוֹתָם לִבְנוֹת׃ וְסֹכְרִים עֲלֵיהֶם
יוֹעֲצִים לְהָפֵר עֲצָתָם כָּל־יְמֵי כּוֹרֶשׁ מֶלֶךְ פָּרַס וְעַד־
ו מַלְכוּת דָּרְיָוֶשׁ מֶלֶךְ פָּרָס׃ וּבְמַלְכוּת אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ
בִּתְחִלַּת מַלְכוּתוֹ כָּתְבוּ שִׂטְנָה עַל־יֹשְׁבֵי יְהוּדָה וִירוּשָׁלִָם׃
ז וּבִימֵי אַרְתַּחְשַׁשְׂתָּא כָּתַב בִּשְׁלָם מִתְרְדָת טָבְאֵל
וּשְׁאָר כְּנָוֺתוֹ עַל־אַרְתַּחְשַׁשְׂתְּא מֶלֶךְ פָּרָס וּכְתָב הַנִּשְׁתְּוָן
ח כָּתוּב אֲרָמִית וּמְתֻרְגָּם אֲרָמִית׃ רְחוּם בְּעֵל־
טְעֵם וְשִׁמְשַׁי סָפְרָא כְּתַבוּ אִגְּרָה חֲדָה עַל־יְרוּשְׁלֶם
ט לְאַרְתַּחְשַׁשְׂתְּא מַלְכָּא כְּנֵמָא׃ אֱדַיִן רְחוּם בְּעֵל־טְעֵם
וְשִׁמְשַׁי סָפְרָא וּשְׁאָר כְּנָוָתְהוֹן דִּינָיֵא וַאֲפַרְסַתְכָיֵא
טַרְפְּלָיֵא אֲפָרְסָיֵא אַרְכְּוָי בָבְלָיֵא שׁוּשַׁנְכָיֵא דֶּהָוֵא
י עֵלְמָיֵא׃ וּשְׁאָר אֻמַּיָּא דִּי הַגְלִי אָסְנַפַּר רַבָּא וְיַקִּירָא
וְהוֹתֵב הִמּוֹ בְּקִרְיָה דִּי שָׁמְרָיִן וּשְׁאָר עֲבַר־נַהֲרָה וּכְעֶנֶת׃
יא דְּנָה פַּרְשֶׁגֶן אִגַּרְתָּא דִּי שְׁלַחוּ עֲלוֹהִי עַל־
אַרְתַּחְשַׁשְׂתְּא מַלְכָּא עַבְדָיךְ אֱנָשׁ עֲבַר־נַהֲרָה וּכְעֶנֶת׃
יב יְדִיעַ לֶהֱוֵא לְמַלְכָּא דִּי יְהוּדָיֵא דִּי סְלִקוּ מִלְּוָתָךְ
עֲלֶינָא אֲתוֹ לִירוּשְׁלֶם קִרְיְתָא מָרָדְתָּא וּבִאישְׁתָּא בָּנַיִן
יג וְשׁוּרַיָּ אֶשְׁכְלִלוּ וְאֻשַּׁיָּא יַחִיטוּ׃ כְּעַן יְדִיעַ לֶהֱוֵא לְמַלְכָּא
דִּי הֵן קִרְיְתָא דָךְ תִּתְבְּנֵא וְשׁוּרַיָּה יִשְׁתַּכְלְלוּן מִנְדָּה
יד בְלוֹ וַהֲלָךְ לָא יִנְתְּנוּן וְאַפְּתֹם מַלְכִים תְּהַנְזִק׃ כְּעַן כָּל־
קֳבֵל דִּי־מְלַח הֵיכְלָא מְלַחְנָא וְעַרְוַת מַלְכָּא לָא־אֲרִיךְ
טו לַנָא לְמֶחֱזֵא עַל־דְּנָה שְׁלַחְנָא וְהוֹדַעְנָא לְמַלְכָּא׃ דִּי
יְבַקַּר בִּסְפַר דָּכְרָנַיָּא דִּי אֲבָהָתָךְ וּתְהַשְׁכַּח בִּסְפַר

ד׳ ומבהלים קרי   ה׳ ס׳ במקום ש׳   ז׳ דתי בקמץ   כנותה קרי   ח׳ בס״א מלת
ט׳ כא דס נפתח   ארכויא קרי   דהוא קרי   יא׳ יתיר י   יב׳ ושוריא שכללו קרי
יג׳ ס״א ואפתם   יד׳ בס״א אַ או תָ׳

הויפטלייט פון די פּאָטערהייזער פון ישׂראל: איר קערט זיך מיט אונדז ניט אָן, צו בויען אַ הויז צו אונדזער גאָט; נייערט מיר אַליין וועלן בויען צו יהוה דעם גאָט פון ישׂראל, אַזוי ווי כּורֶש דער מלך פון פָּרַס האָט אונדז געהייסן.

4 און דאָס פאָלק פון לאַנד האָט אָפּגעשלאַפט די הענט פון דעם פאָלק פון יהודה, און זיי אָפּגעשראָקן פון בויען. 5 און זיי האָבן אָנגעדונגען אויף זיי יוֹעצים, צו פאַר־שטערן זייער כַּוָונה, אַלע טעג פון כּורש דעם מלך פון פָּרַס, און ביז דער מלוכה פון דָריָוֶש דעם מלך פון פָּרַס. 6 און אין דער מלוכה פון אַחַשׁוֵרוֹשׁן, אין אָנהייב פון זיין מלוכה, האָבן זיי געשריבן אַן אָנקלאָג אויף די באַוווינער פון יהודה און ירושָׁלַיִם.

7 און אין די טעג פון אַרתַּחשַׁשתָּא, האָט בִּשלָם, מִתרְדָת, טָבאֵל, און זיינע איבעריקע חברים, געשריבן צו אַרתַּחשַׁשתָּא דעם מלך פון פָּרַס; און דאָס געשריפטס פון דעם בריוו איז געווען אין אַראַמישן כּתב און אַראַמישן לשון. 8 רחום דער באַפעלגעבער און שִׁמשַׁי דער שרייבער האָבן געשריבן אַ בריוו אויף ירושָׁלַיִם צו אַרתַּחשַׁשתָּא דעם מלך אַזוי — 9 דענסמאָל [האָט געשריבן] רחום דער באַפעלגעבער, און שִׁמשַׁי דער שרייבער, און זייערע איבעריקע חברים, דינאָער, און אַפַרסַתכאָער, טַרפּלאָער, אַפָּרסאָער, אַרכְּוָאער, בָּבלער, שושַׁנכאָער, דֶהַיָאער, עֵילָמער, 10 און די איבעריקע אומות וואָס דער גרויסער און גערימטער אָסנַפַּר האָט אַריבערגעבראַכט, און זיי באַזעצט אין דער שטאָט שומרון, און די איבעריקע פון יענער זייט טייך: און אַצונד — 11 דאָס איז דער נוסח פון דעם בריוו וואָס זיי האָבן געשיקט צו אים: — צו אַרתַּחשַׁשתָּא דעם מלך, דיינע קנעכט די מענטשן פון יענער זייט טייך: און אַצונד 12 זאָל דעם מלך באַוווּסט זיין, אַז די יִידן וואָס זיינען אַרויפגעגאַנגען פון דיר, זיינען געקומען צו אונדז קיין ירושָׁלַיִם; זיי בויען די ווידערשפּעניקע און בייזע שטאָט, און זיי פאַרענדיקן מויערן, און גראָבן גרונטפעסטן. 13 אַצונד זאָל דעם מלך באַוווּסט זיין, אַז אויב דידאָזיקע שטאָט וועט אויפגעבויט ווערן, און די מויערן וועלן פאַרענדיקט ווערן, וועלן זיי קיין אָפּצאָל, מֶכֶס, און וועגגעלט ניט צאָלן, און דאָס וועט ברענגען הֶזק דער קיניגלעכער הכנָסה. 14 אַצונד, אַזוי ווי מיר עסן דאָס זאַלץ פון דעם פּאַ־לאַץ, און עס איז ניט רעכט פאַר אונדז צוצוזען דעם אומכּבוד פון מלך, דערפאַר שיקן מיר און זיינען מוֹדיע דעם מלך, 15 כּדי מע זאָל נאָכזוכן אין דעם ספר־הזכרונות פון דיינע עלטערן; און וועסט געפינען אין דעם ספר־

דִּכְרָנַיָּא וְתִנְדַּע דִּי קִרְיְתָא דָךְ קִרְיָא מָרָדָא וּמְהַנְזְקַת
מַלְכִין וּמְדִנָן וְאֶשְׁתַּדּוּר עָבְדִין בְּגַוַּהּ מִן־יוֹמָת עָלְמָא עַל־
טז דְּנָה קִרְיְתָא דָךְ הָחָרְבַת׃ מְהוֹדְעִין אֲנַחְנָה לְמַלְכָּא דִּי
הֵן קִרְיְתָא דָךְ תִּתְבְּנֵא וְשׁוּרַיָּה יִשְׁתַּכְלְלוּן לָקֳבֵל דְּנָה
יז חֲלָק בַּעֲבַר נַהֲרָא לָא אִיתַי לָךְ׃ פִּתְגָמָא שְׁלַח
מַלְכָּא עַל־רְחוּם בְּעֵל־טְעֵם וְשִׁמְשַׁי סָפְרָא וּשְׁאָר כְּנָוָתְהוֹן
יח דִּי יָתְבִין בְּשָׁמְרָיִן וּשְׁאָר עֲבַר־נַהֲרָה שְׁלָם וּכְעֶת׃ נִשְׁתְּוָנָא
יט דִּי־שְׁלַחְתּוּן עֲלֶינָא מְפָרַשׁ קֱרִי קָדָמָי׃ וּמִנִּי שִׂים טְעֵם
וּבַקַּרוּ וְהַשְׁכַּחוּ דִּי קִרְיְתָא דָךְ מִן־יוֹמָת עָלְמָא עַל־מַלְכִין
כ מִתְנַשְּׂאָה וּמְרַד וְאֶשְׁתַּדּוּר מִתְעֲבֶד־בַּהּ׃ וּמַלְכִין תַּקִּיפִין
הֲווֹ עַל־יְרוּשְׁלֶם וְשַׁלִּיטִין בְּכֹל עֲבַר נַהֲרָה וּמִנְדָּה בְלוֹ
כא וַהֲלָךְ מִתְיְהֵב לְהוֹן׃ כְּעַן שִׂימוּ טְעֵם לְבַטָּלָא גֻּבְרַיָּא
אִלֵּךְ וְקִרְיְתָא דָךְ לָא תִתְבְּנֵא עַד־מִנִּי טַעְמָא יִתְּשָׂם׃
כב וּזְהִירִין הֱווֹ שָׁלוּ לְמֶעְבַּד עַל־דְּנָה לְמָה יִשְׂגֵּא חֲבָלָא
כג לְהַנְזָקַת מַלְכִין׃ אֱדַיִן מִן־דִּי פַּרְשֶׁגֶן נִשְׁתְּוָנָא דִּי
אַרְתַּחְשַׁשְׂתְּא מַלְכָּא קֱרִי קֳדָם־רְחוּם וְשִׁמְשַׁי סָפְרָא
וּכְנָוָתְהוֹן אֲזַלוּ בִבְהִילוּ לִירוּשְׁלֶם עַל־יְהוּדָיֵא וּבַטִּלוּ הִמּוֹ
כד בְּאֶדְרָע וְחָיִל׃ בֵּאדַיִן בְּטֵלַת עֲבִידַת בֵּית־אֱלָהָא דִּי
בִּירוּשְׁלֶם וַהֲוָת בָּטְלָא עַד שְׁנַת תַּרְתֵּין לְמַלְכוּת דָּרְיָוֶשׁ
מֶלֶךְ פָּרָס׃

ה

א וְהִתְנַבִּי חַגַּי נְבִיאָה וּזְכַרְיָה בַר־עִדּוֹא נְבִיאַיָּא עַל־יְהוּדָיֵא
ב דִּי בִיהוּד וּבִירוּשְׁלֶם בְּשֻׁם אֱלָהּ יִשְׂרָאֵל עֲלֵיהוֹן׃ בֵּאדַיִן
קָמוּ זְרֻבָּבֶל בַּר־שְׁאַלְתִּיאֵל וְיֵשׁוּעַ בַּר־יוֹצָדָק וְשָׁרִיו לְמִבְנֵא
בֵּית אֱלָהָא דִּי בִירוּשְׁלֶם וְעִמְּהוֹן נְבִיאַיָּה דִי־אֱלָהָא
ג מְסָעֲדִין לְהוֹן׃ בֵּהּ־זִמְנָא אֲתָה עֲלֵיהוֹן תַּתְּנַי פַּחַת עֲבַר־
נַהֲרָה וּשְׁתַר בּוֹזְנַי וּכְנָוָתְהוֹן וְכֵן אָמְרִין לְהֹם מַן־שָׂם

ד, טז׳ ה׳ נמקום א   יט׳ פתח בס׳ פ   כד׳ בס״א בטלת ובס״א בְּטֵלַת
ה, א׳ יחוד ה   בס״א נְבִיַּאיָּא   ב׳ בס״א נְבִיאַיָּה ובס״א ״איָּה

הזכרונות, און וויסן, אַז דידאָזיקע שטאָט איז אַ ווידער־שפּעניקע שטאָט, און ברענגט הֶזק די מלכים און די מדינות, און מע האָט געמאַכט בונטן אין איר פון אייביקע טעג אָן; איבער דעם איז דידאָזיקע שטאָט חָרב געוואָרן. [16] מיר זיינען מודיע דעם מלך, אַז אויב דידאָזיקע שטאָט וועט אויפגעבויט ווערן, און די מויערן וועלן פאַרענדיקט ווערן, וועסטו דורך דעם מער ניט האָבן קיין חלק אויף יענער זייט טייך.

[17] האָט דער מלך געשיקט אַן ענטפער צו רחום דעם באַפעלגעבער, און שִׁמשַי דעם שרייבער, און זייערע איבעריקע חברים וואָס זיינען געזעסן אין שומרון, און די איבעריקע פון יענער זייט טייך: פרידן! און אַצונד, [18] דער בריוו וואָס איר האָט אונדז געשיקט, איז באַשיידלעך גע־לייענט געוואָרן פאַר מיר. [19] און פון מיר איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל, און מע האָט נאָכגעזוכט און געפונען, אַז דידאָזיקע שטאָט האָט פון אייביקע טעג זיך דערהויבן אַקעגן מלכים, און אַז אין איר זיינען געמאַכט געוואָרן ווידערשפּעניקונגען און בונטן; [20] און איבער ירושָלַיִם זיינען געווען מאַכטיקע מלכים, און זיי האָבן געוועלטיקט איבער גאַנץ יענער זייט טייך; און אָפּצאָל, מֶכֶס, און וועג־געלט איז זיי געצאָלט געוואָרן. [21] אַצונד גיט אַ באַפעל צו ווערן דידאָזיקע לייט, און דידאָזיקע שטאָט זאָל ניט גע־בויט ווערן ביז פון מיר וועט געגעבן ווערן אַ באַפעל. [22] און זייט אָפּגעהיט ניט צו מאַכן קיין טָעות וועגן דעם, כּדי דער הֶזק זאָל ניט וואַקסן צום שאָדן פון די מלכים.

[23] דענסמאָל ווי דער אינהאַלט פון דעם מלך אַרתַחשַשתָּאס בריוו איז פאָרגעלייענט געוואָרן פאַר רחומען, און שִׁמשַי דעם שרייבער, און זייערע חברים, אַזוי זיינען זיי אַוועק אויף גיך קיין ירושָלַיִם צו די יִידן, און האָבן זיי געווערט מיט מאַכט און געוואַלט. [24] דענסמאָל האָט אויפגעהערט די אַרבעט פון גאָטס הויז וואָס אין ירושָלַיִם, און זי איז געווען אָפּגעשטעלט ביז דעם צווייטן יאָר פון דער מלוכה פון דָריָוש דעם מלך פון פָּרַס.

ה [1] און די נביאים, חַגַי דער נביא, און זכַריָה דער זון פון עִדוֹן, האָבן נביאות געזאָגט צו די יִידן וואָס אין יהודה און אין ירושָלַיִם — אין נאָמען פון גאָט פון ישראל צו זיי. [2] דענסמאָל זיינען אויפגעשטאַנען זרוּבָבֶל דער זון פון שְׁאַלתִּיאֵלן, און יֵשוּעַ דער זון פון יוֹצָדָקן, און האָבן אָנגעהויבן בויען דאָס הויז פון גאָט וואָס אין ירושָלַיִם, און מיט זיי זיינען געווען די נביאים פון גאָט וואָס האָבן זיי געהאָלפן. [3] אין דער אייגענער צייט איז צו זיי געקומען תַּתְּנַי דער פירשט פון יענער זייט טייך, און שְׁתַר־בּוֹזְנַי, און זייערע חברים, און זיי האָבן צו זיי אַזוי געזאָגט: ווער האָט אַייך געגעבן

אַ דערלויבעניש צו בויען דאָסדאָזיקע הויז, און צו פֿאַר־ענדיקן דידאָזיקע מויער? [4] „דענסמאָל האָבן מיר צו זיי אַזוי געזאָגט:— [האָבן זיי געשריבן] — וואָס זיינען די נעמען פֿון די מענטשן וואָס בויען דעמדאָזיקן בנין?" [5] אָבער דאָס אויג פֿון זייער גאָט איז געווען אויף די עלטסטע פֿון די ייִדן, און זיי האָבן זיי ניט געווערט, ביז די זאַך וועט קומען פֿאַר דָרְיָוֶשן, און מע וועט דענסמאָל ברענגען אַ תּשובה וועגן דעם.

[6] דער נוסח פֿון דעם בריוו וואָס תַּתְּנַי דער פֿירשט פֿון יענער זייט טייך, און שתַר־בּוֹזנַי, און זיינע חברים, די אַפּרסכאָער וואָס פֿון יענער זייט טייך, האָבן געשיקט צום מלך דָרְיָוֶשׁ; [7] זיי האָבן צו אים געשיקט אַ בריוו, און אַזוי איז געווען געשריבן אין אים: צום מלך דָרְיָוֶשׁ גאָרע פֿריד! [8] זאָל דעם מלך באַוווּסט זיין, אַז מיר זיינען געגאַנגען צו דער מדינה יהודה, צום הויז פֿון גרויסן גאָט, און עס ווערט געבויט פֿון שווערע שטיינער, און האָלץ ווערט אַריינגע־טאָן אין די ווענט, און דידאָזיקע אַרבעט ווערט געטאָן פֿלייסיק, און זי באַגליקט אין זייער האַנט. [9] האָבן מיר דענסמאָל געפֿרעגט דידאָזיקע עלטסטע; מיר האָבן צו זיי אַזוי געזאָגט: ווער האָט אייך געגעבן אַ דערלויבעניש צו בויען דאָסדאָזיקע הויז, און צו פֿאַרענדיקן דידאָזיקע מויער? [10] און אויך זייערע נעמען האָבן מיר געפֿרעגט בײַ זיי, כּדי דיך צו לאָזן וויסן, אַז מיר וועלן אויפֿשרייבן די נעמען פֿון די מענטשן וואָס זיינען זייערע אָנפֿירער. [11] און אַזוי האָבן זיי אונדז געגעבן אַן ענטפֿער, אַזוי צו זאָגן: מיר זיינען די קנעכט פֿון דעם גאָט פֿון הימל און ערד, און מיר בויען אָפּ דאָס הויז וואָס איז מיט פֿיל יאָרן פֿאַר דעם שוין געווען געבויט; און אַ גרויסער מלך פֿון ישׂראל האָט עס געבויט און פֿאַרענדיקט. [12] אָבער ווייל אונדזערע עלטערן האָבן דערצערנט דעם גאָט פֿון הימל, האָט ער זיי געגעבן אין דער האַנט פֿון נבוכַדנֶצַר דעם כַּשׂדי, דעם מלך פֿון בָּבֶל; און ער האָט צעשטערט דאָסדאָזיקע הויז, און האָט פֿאַרטריבן דאָס פֿאָלק קיין בָּבֶל. [13] אָבער אין ערשטן יאָר פֿון כּוֹרֶשׁ דעם מלך פֿון בָּבֶל, האָט דער מלך כּוֹרֶשׁ גע־געבן אַ באַפֿעל צו בויען דאָסדאָזיקע הויז פֿון גאָט. [14] און אויך די גילדערנע און זילבערנע כּלים פֿון גאָטס הויז וואָס נבוכַדנֶצַר האָט אַוועקגענומען פֿון דעם טעמפּל וואָס אין ירושָלַיִם, און זיי אַוועקגעפֿירט אין דעם טעמפּל פֿון בָּבֶל, זיי האָט דער מלך כּוֹרֶשׁ אַרויסגענומען פֿון דעם טעמפּל וואָס אין בָּבֶל, און זיי זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צו איינעם מיטן נאָמען שֵׁשְׁבַּצַּר, וואָס ער האָט אים געמאַכט פֿאַרן פֿירשט. [15] און ער האָט צו אים געזאָגט: נעם דידאָזיקע כּלים; גיי לייג זיי אַוועק אין דעם טעמפּל וואָס אין ירושָלַיִם, און זאָל דאָס הויז פֿון גאָט געבויט ווערן אויף זיין אָרט. [16] דענסמאָל איז דערדאָזיקער שֵׁשְׁבַּצַּר געקומען; ער האָט געלייגט די

לְכֹם טְעֵם בַּיְתָא דְנָה לִבְּנֵא וְאֻשַּׁרְנָא דְנָה לְשַׁכְלָלָה׃
ד אֱדַיִן כְּנֵמָא אֲמַרְנָא לְּהֹם מַן־אִנּוּן שְׁמָהָת גֻּבְרַיָּא דִּי־דְנָה
ה בִנְיָנָא בָּנַיִן׃ וְעֵין אֱלָהֲהֹם הֲוָת עַל־שָׂבֵי יְהוּדָיֵא וְלָא־
בַטִּלוּ הִמּוֹ עַד־טַעְמָא לְדָרְיָוֶשׁ יְהָךְ וֶאֱדַיִן יְתִיבוּן נִשְׁתְּוָנָא
ו עַל־דְּנָה׃ פַּרְשֶׁגֶן אִגַּרְתָּא דִּי־שְׁלַח תַּתְּנַי ׀ פַּחַת עֲבַר־
נַהֲרָה וּשְׁתַר בּוֹזְנַי וּכְנָוָתֵהּ אֲפַרְסְכָיֵא דִּי בַּעֲבַר נַהֲרָה
ז עַל־דָּרְיָוֶשׁ מַלְכָּא׃ פִּתְגָמָא שְׁלַחוּ עֲלוֹהִי וְכִדְנָה כְּתִיב
ח בְּגַוֵּהּ לְדָרְיָוֶשׁ מַלְכָּא שְׁלָמָא כֹלָּא׃ יְדִיעַ ׀ לֶהֱוֵא לְמַלְכָּא
דִּי אֲזַלְנָא לִיהוּד מְדִינְתָּא לְבֵית אֱלָהָא רַבָּא וְהוּא
מִתְבְּנֵא אֶבֶן גְּלָל וְאָע מִתְּשָׂם בְּכֻתְלַיָּא וַעֲבִידְתָּא דָךְ
ט אָסְפַּרְנָא מִתְעַבְדָא וּמַצְלַח בִּידְהֹם׃ אֱדַיִן שְׁאֵלְנָא לְשָׂבַיָּא
אִלֵּךְ כְּנֵמָא אֲמַרְנָא לְּהֹם מַן־שָׂם לְכֹם טְעֵם בַּיְתָא דְנָה
י לְמִבְנְיָה וְאֻשַּׁרְנָא דְנָה לְשַׁכְלָלָה׃ וְאַף שְׁמָהָתְהֹם שְׁאֵלְנָא
לְהֹם לְהוֹדָעוּתָךְ דִּי נִכְתֻּב שֻׁם גֻּבְרַיָּא דִּי בְרָאשֵׁיהֹם׃
יא וּכְנֵמָא פִתְגָמָא הֲתִיבוּנָא לְמֵמַר אֲנַחְנָא הִמּוֹ עַבְדוֹהִי
דִי־אֱלָהּ שְׁמַיָּא וְאַרְעָא וּבָנַיִן בַּיְתָא דִּי־הֲוָא בְנֵה מִקַּדְמַת
דְּנָה שְׁנִין שַׂגִּיאָן וּמֶלֶךְ לְיִשְׂרָאֵל רַב בְּנָהִי וְשַׁכְלְלֵהּ׃
יב לָהֵן מִן־דִּי הַרְגִּזוּ אֲבָהָתַנָא לֶאֱלָהּ שְׁמַיָּא יְהַב הִמּוֹ בְּיַד
נְבוּכַדְנֶצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל כַּסְדָּיָא וּבַיְתָה דְנָה סַתְרֵהּ וְעַמָּה
יג הַגְלִי לְבָבֶל׃ בְּרַם בִּשְׁנַת חֲדָה לְכוֹרֶשׁ מַלְכָּא דִּי בָבֶל
יד כּוֹרֶשׁ מַלְכָּא שָׂם טְעֵם בֵּית־אֱלָהָא דְנָה לִבְּנֵא׃ וְאַף
מָאנַיָּא דִי־בֵית־אֱלָהָא דִּי דַהֲבָה וְכַסְפָּא דִּי נְבוּכַדְנֶצַּר
הַנְפֵּק מִן־הֵיכְלָא דִּי בִירוּשְׁלֶם וְהֵיבֵל הִמּוֹ לְהֵיכְלָא דִּי
בָבֶל הַנְפֵּק הִמּוֹ כּוֹרֶשׁ מַלְכָּא מִן־הֵיכְלָא דִּי בָבֶל וִיהִיבוּ
טו לְשֵׁשְׁבַּצַּר שְׁמֵהּ דִּי פֶחָה שָׂמֵהּ׃ וַאֲמַר־לֵהּ ׀ אֵלֶּה מָאנַיָּא
שֵׂא אֵזֶל־אֲחֵת הִמּוֹ בְּהֵיכְלָא דִּי בִירוּשְׁלֶם וּבֵית אֱלָהָא
טז יִתְבְּנֵא עַל־אַתְרֵהּ׃ אֱדַיִן שֵׁשְׁבַּצַּר דֵּךְ אֲתָא יְהַב

ד׳ פתח בס״פ   יא׳ חסר א׳ ופתח באתנח   יב׳ ס׳ במקום ש׳   כסדאה קרי
יב׳ יד׳ ה׳ במקום א׳   טו׳ יחיד ה׳

אֻשַּׁיָּא דִּי־בֵית אֱלָהָא דִּי בִירוּשְׁלֶם וּמִן־אֱדַיִן וְעַד־כְּעַן
יז מִתְבְּנֵא וְלָא שְׁלִם׃ וּכְעַן הֵן עַל־מַלְכָּא טָב יִתְבַּקַּר בְּבֵית
גִּנְזַיָּא דִּי מַלְכָּא תַמָּה דִּי בְּבָבֶל הֵן אִיתַי דִּי מִן־כּוֹרֶשׁ
מַלְכָּא שִׂים טְעֵם לְמִבְנֵא בֵּית־אֱלָהָא דֵךְ בִּירוּשְׁלֶם וּרְעוּת
מַלְכָּא עַל־דְּנָה יִשְׁלַח עֲלֶינָא׃

ו

א בֵּאדַיִן דָּרְיָוֶשׁ מַלְכָּא שָׂם טְעֵם וּבַקַּרוּ ׀ בְּבֵית סִפְרַיָּא דִּי
ב גִנְזַיָּא מְהַחֲתִין תַּמָּה בְּבָבֶל׃ וְהִשְׁתְּכַח בְּאַחְמְתָא בְּבִירְתָא
דִּי בְּמָדַי מְדִינְתָּה מְגִלָּה חֲדָה וְכֵן־כְּתִיב בְּגַוַּהּ דִּכְרוֹנָה׃
ג בִּשְׁנַת חֲדָה לְכוֹרֶשׁ מַלְכָּא כּוֹרֶשׁ מַלְכָּא שָׂם טְעֵם
בֵּית אֱלָהָא בִירוּשְׁלֶם בַּיְתָא יִתְבְּנֵא אֲתַר דִּי־דָבְחִין דִּבְחִין
וְאֻשּׁוֹהִי מְסוֹבְלִין רוּמֵהּ אַמִּין שִׁתִּין פְּתָיֵהּ אַמִּין שִׁתִּין׃
ד נִדְבָּכִין דִּי־אֶבֶן גְּלָל תְּלָתָא וְנִדְבָּךְ דִּי־אָע חֲדַת וְנִפְקְתָא
ה מִן־בֵּית מַלְכָּא תִּתְיְהִב׃ וְאַף מָאנֵי בֵית־אֱלָהָא דִּי דַהֲבָה
וְכַסְפָּא דִּי נְבוּכַדְנֶצַּר הַנְפֵּק מִן־הֵיכְלָא דִי־בִירוּשְׁלֶם
וְהֵיבֵל לְבָבֶל יַהֲתִיבוּן וִיהָךְ לְהֵיכְלָא דִי־בִירוּשְׁלֶם לְאַתְרֵהּ
ו וְתַחֵת בְּבֵית אֱלָהָא׃ כְּעַן תַּתְּנַי פַּחַת עֲבַר־נַהֲרָה
שְׁתַר בּוֹזְנַי וּכְנָוָתְהוֹן אֲפַרְסְכָיֵא דִּי בַּעֲבַר נַהֲרָה רַחִיקִין
ז הֲווֹ מִן־תַּמָּה׃ שְׁבֻקוּ לַעֲבִידַת בֵּית־אֱלָהָא דֵךְ פַּחַת יְהוּדָיֵא
ח וּלְשָׂבֵי יְהוּדָיֵא בֵּית־אֱלָהָא דֵךְ יִבְנוֹן עַל־אַתְרֵהּ׃ וּמִנִּי
שִׂים טְעֵם לְמָא דִי־תַעַבְדוּן עִם־שָׂבֵי יְהוּדָיֵא אִלֵּךְ לְמִבְנֵא
בֵּית־אֱלָהָא דֵךְ וּמִנִּכְסֵי מַלְכָּא דִּי מִדַּת עֲבַר נַהֲרָה
אָסְפַּרְנָא נִפְקְתָא תֶּהֱוֵא מִתְיַהֲבָא לְגֻבְרַיָּא אִלֵּךְ דִּי־לָא
ט לְבַטָּלָא׃ וּמָה חַשְׁחָן וּבְנֵי תוֹרִין וְדִכְרִין וְאִמְּרִין ׀ לַעֲלָוָן ׀
לֶאֱלָהּ שְׁמַיָּא חִנְטִין מְלַח ׀ חֲמַר וּמְשַׁח כְּמֵאמַר כָּהֲנַיָּא
דִּי־בִירוּשְׁלֶם לֶהֱוֵא מִתְיְהֵב לְהֹם יוֹם ׀ בְּיוֹם דִּי־לָא שָׁלוּ׃
דִּי־לֶהֱוֺן מְהַקְרְבִין נִיחוֹחִין לֶאֱלָהּ שְׁמַיָּא וּמְצַלַּיִן לְחַיֵּי י

ה, יז׳ נ"א דִּי בִּ׳ר׳ ו,ד׳ פתח באתנח הה בחטף ה׳ ה׳ במקום א׳ ו׳ בס"א כ׳

גרונטפעסטן פון גאָטס הויז וואָס אין ירושָלַיִם, און פון דענסמאָל אָן און ביז אַצונד ווערט עס געבויט, און איז נאָך ניט פאַרטיק. 17 און אַצונד, אויב דעם מלך איז וויל־געפעלן, זאָל נאָכגעזוכט ווערן דאָרטן אין דער שאַץ־קאַמער פון דעם מלך וואָס אין בָבֶל, אויב דאָס איז אַזוי, אַז פון מלך כּוֹרֶש איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו בויען דאָסדאָזיקע הויז פון גאָט אין ירושָלַיִם; און זאָל ער אונדז שיקן דעם ווילן פון דעם מלך וועגן דעם.

ו 1 דענסמאָל האָט דער מלך דָרְיָוֶש געגעבן אַ באַפעל, און מע האָט נאָכגעזוכט אין דער ביכער־קאַמער וואָס מע לייגט דאָרטן אַוועק די שאַצן אין בָבֶל. 2 און עס איז געפונען געוואָרן אין אַחמתָא, אין דער הויפּט־שטאָט וואָס אין דער מדינה מָדַי, אַ מגילה, און אַזוי איז געווען געשריבן אין איר: צום געדענקען: 3 אין ערשטן יאָר פון מלך כּוֹרֶש, האָט דער מלך כּוֹרֶש געגעבן אַ באַפעל: וועגן דעם הויז פון גאָט אין ירושָלַיִם – זאָל דאָס הויז געבויט ווערן פאַר אַן אָרט ווו מע שלאַכט שלאַכט־אָפּפער, און זיינע גרונטפעסטן זאָלן געלייגט ווערן שטאַרק; זיין הייך זאָל זיין זעכציק איילן, זיין ברייט זעכציק איילן; 4 מיט דריי שיכטן פון שווערע שטיינער, און אַ שיכט פון נייעם האָלץ; און די הוֹצאות זאָלן געגעבן ווערן פון מלכס הויז. 5 און אויך די גילדערנע און זילבערנע כּלים פון גאָטס הויז וואָס נבוּכַדנֶצַר האָט אַרויסגענומען פון דעם טעמפל וואָס אין ירושָלַיִם, און אַוועקגעפירט קיין בָבֶל, זאָל מען אומקערן, און דאָס זאָל צוריקגיין צו דעם טעמפל וואָס אין ירושָלַיִם אויף זיין אָרט, און זאָלסט עס אַוועקלייגן אין הויז פון גאָט.

6 „אַצונד, תַּתְּנַי דער פירשט פון יענער זייט טייך, שתַר־בּוֹזְנַי, און אַייערע חברים די אַפַרסכאָער וואָס אויף יענער זייט טייך, האַלט זיך ווייט פון דאָרטן. 7 לאָזט צו רו די אַרבעט פון דעמדאָזיקן הויז פון גאָט; זאָלן דער פירשט פון די יידן, און די עלטסטע פון די יידן בויען דאָסדאָזיקע הויז פון גאָט אויף זיין אָרט. 8 און פון מיר ווערט געגעבן אַ באַפעל וועגן וואָס איר זאָלט טאָן פאַר דידאָזיקע עלטסטע פון די יידן, כּדי צו בויען דאָסדאָזיקע הויז פון גאָט: אַז פון דעם מלכס אייגנטום, פון דעם אָפּצאָל אויף יענער זייט טייך, זאָלן אויף גיך געגעבן ווערן די הוֹצאות צו דידאָזיקע מענטשן, כּדי ניט צו שטערן. 9 און וואָס זיי האָבן נייטיק, סיי יונגע אָקסן, סיי ווידערס און שעפּסן, אויף אויפצוברענגען צום גאָט פון הימל, ווייץ, זאַלץ, ווין און אייל, לויט דעם פאַרלאַנג פון די כּהנים וואָס אין ירושָלַיִם, זאָל זיי געגעבן ווערן טאָג אין טאָג ניט פאַרפעלט; 10 כּדי זיי זאָלן מקריב זיין געשמאַקע ריחות צום גאָט פון הימל, און בעטן פאַר דעם לעבן

יא מַלְכָּא וּבְנוֹהִי׃ וּמִנִּי שִׂים טְעֵם דִּי כָל־אֱנָשׁ דִּי יְהַשְׁנֵא
פִּתְגָמָא דְנָה יִתְנְסַח אָע מִן־בַּיְתֵהּ וּזְקִיף יִתְמְחֵא עֲלֹהִי
יב וּבַיְתֵהּ נְוָלוּ יִתְעֲבֵד עַל־דְּנָה׃ וֵאלָהָא דִּי־שַׁכִּן שְׁמֵהּ תַּמָּה
יְמַגַּר כָּל־מֶלֶךְ וְעַם דִּי ׀ יִשְׁלַח יְדֵהּ לְהַשְׁנָיָה לְחַבָּלָה
בֵּית־אֱלָהָא דֵךְ דִּי בִירוּשְׁלֶם אֲנָה דָרְיָוֶשׁ שָׂמֶת טְעֵם
יג אָסְפַּרְנָא יִתְעֲבִד׃ אֱדַיִן תַּתְּנַי פַּחַת עֲבַר־נַהֲרָה שְׁתַר
בּוֹזְנַי וּכְנָוָתְהוֹן לָקֳבֵל דִּי־שְׁלַח דָּרְיָוֶשׁ מַלְכָּא כְּנֵמָא
יד אָסְפַּרְנָא עֲבַדוּ׃ וְשָׂבֵי יְהוּדָיֵא בָּנַיִן וּמַצְלְחִין בִּנְבוּאַת
חַגַּי נְבִיָּאה וּזְכַרְיָה בַּר־עִדּוֹא וּבְנוֹ וְשַׁכְלִלוּ מִן־טַעַם אֱלָהּ
יִשְׂרָאֵל וּמִטְּעֵם כּוֹרֶשׁ וְדָרְיָוֶשׁ וְאַרְתַּחְשַׁשְׂתְּא מֶלֶךְ פָּרָס׃
טו וְשֵׁיצִיא בַּיְתָה דְנָה עַד יוֹם תְּלָתָה לִירַח אֲדָר דִּי־הִיא
טז שְׁנַת־שֵׁת לְמַלְכוּת דָּרְיָוֶשׁ מַלְכָּא׃ וַעֲבַדוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל
כָּהֲנַיָּא וְלֵוָיֵא וּשְׁאָר בְּנֵי־גָלוּתָא חֲנֻכַּת בֵּית־אֱלָהָא דְנָה
יז בְּחֶדְוָה׃ וְהַקְרִבוּ לַחֲנֻכַּת בֵּית־אֱלָהָא דְנָה תּוֹרִין מְאָה
דִּכְרִין מָאתַיִן אִמְּרִין אַרְבַּע מְאָה וּצְפִירֵי עִזִּין לְחַטָּיָא
יח עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל תְּרֵי עֲשַׂר לְמִנְיָן שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַהֲקִימוּ
כָהֲנַיָּא בִּפְלֻגָּתְהוֹן וְלֵוָיֵא בְּמַחְלְקָתְהוֹן עַל־עֲבִידַת אֱלָהָא
יט דִּי בִירוּשְׁלֶם כִּכְתָב סְפַר מֹשֶׁה׃ וַיַּעֲשׂוּ בְנֵי־הַגּוֹלָה
כ אֶת־הַפָּסַח בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר לַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן׃ כִּי הִטַּהֲרוּ
הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם כְּאֶחָד כֻּלָּם טְהוֹרִים וַיִּשְׁחֲטוּ הַפֶּסַח
כא לְכָל־בְּנֵי הַגּוֹלָה וְלַאֲחֵיהֶם הַכֹּהֲנִים וְלָהֶם׃ וַיֹּאכְלוּ בְנֵי־
יִשְׂרָאֵל הַשָּׁבִים מֵהַגּוֹלָה וְכֹל הַנִּבְדָּל מִטֻּמְאַת גּוֹיֵ־הָאָרֶץ
כב אֲלֵהֶם לִדְרֹשׁ לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיַּעֲשׂוּ חַג־מַצּוֹת
שִׁבְעַת יָמִים בְּשִׂמְחָה כִּי שִׂמְּחָם יְהוָה וְהֵסֵב לֵב מֶלֶךְ־
אַשּׁוּר עֲלֵיהֶם לְחַזֵּק יְדֵיהֶם בִּמְלֶאכֶת בֵּית־הָאֱלֹהִים אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל׃

יג׳ פתח בס״פ   יד׳ יתיר ה׳   טו׳ יתיר א   ה במקום א
טז׳ יח׳ בס״א ולואי קרי   יז׳ לחטאה קרי

פון מלך און זיינע קינדער. [11] און פון מיר ווערט געגעבן אַ באַפעל, אַז יעטוועדער איינער וואָס וועט ענדערן דאָס־דאָזיקע וואָרט, זאָל אַ באַלקן אַרויסגעריסן ווערן פון זיין הויז, און ער זאָל צוגעשלאָגן ווערן דערויף אין דער הייך; און זיין הויז זאָל געמאַכט ווערן פאַר אַ מיסטהויפן דערפאַר. [12] און דער גאָט וואָס האָט געמאַכט רוען זיין נאָמען דאָרטן, זאָל אומוואַרפן יעטוועדער מלך און פאָלק וואָס וועט אויסשטרעקן זיין האַנט דאָס צו ענדערן, כּדי צו צעשטערן דאָסדאָזיקע הויז פון גאָט וואָס אין ירושָלַיִם. איך דָריָוֶש האָב געגעבן דעם באַפעל; זאָל ער געטאָן ווערן אויף גיך."

[13] דענסמאָל, ווייל דער מלך דָריָוֶש האָט געשיקט, האָבן תַּתְּנַי דער פירשט פון יענער זייט טייך, שתַר־בּוֹזְנַי, און זיינע חברים, אויף גיך אַזוי געטאָן. [14] און די עלטסטע פון די יידן האָבן געבויט און האָבן באַגליקט, לויט דער נבואה פון חַגַּי דעם נביא, און זכַריָה דעם זון פון עִדוֹאן. און זיי האָבן געבויט און פאַרענדיקט לויט דעם באַפעל פון דעם גאָט פון ישׂראל, און לויט דעם באַפעל פון כּוֹרֶשן, און דָריָוֶשן, און אַרתַּחשַשׂתָּא דעם מלך פון פָּרַס. [15] און מע האָט פאַרענדיקט דאָסדאָזיקע הויז ביזן דריטן טאָג פון חודש אָדָר, וואָס איז געווען אין זעקסטן יאָר פון מלך דָריָוֶשעס מלוכה.

[16] און די קינדער פון ישׂראל, די כּהנים און די לוִיִם, און די איבעריקע קינדער פון גלות, האָבן געמאַכט די באַנייאונג פון דעמדאָזיקן הויז פון גאָט מיט שׂמחה. [17] און זיי האָבן מקריב געווען צו דער באַנייאונג פון דעמדאָזיקן הויז פון גאָט הונדערט אָקסן, צוויי הונדערט ווידערס, פיר הונדערט שעפּסן, און צוועלף ציגנבעק פאַר זינדאָפּפער פאַר גאַנץ ישׂראל, לויט דער צאָל פון די שבטים פון ישׂראל. [18] און זיי האָבן געשטעלט די כּהנים לויט זייערע איינטיילונגען, און די לוִיִם לויט זייערע אָפּטיילונגען, אויף דעם דינסט פון גאָט וואָס אין ירושָלַיִם, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דעם בוך פון משהן.

[19] און די קינדער פון גלות האָבן געמאַכט דעם קָרבּן־פֶּסח אין פערצנטן טאָג פון ערשטן חודש. [20] וואָרום די כּהנים און די לוִיִם האָבן זיך אין איינעם גערייניקט; זיי זיינען אַלע געווען ריין. און זיי האָבן געשאָכטן דעם קָרבּן־פֶּסח פאַר אַלע קינדער פון גלות, און פאַר זייערע ברידער די כּהנים, און פאַר זיך אַליין. [21] און עס האָבן געגעסן די קינדער פון ישׂראל וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון גלות, און איטלעכער וואָס האָט זיך אָפּגעשיידט צו זיי פון דער אומריינקייט פון די פעלקער פון לאַנד, כּדי צו זוכן יהוה דעם גאָט פון ישׂראל. [22] און זיי האָבן געמאַכט דעם יָום־טוב פון מצות זיבן טעג מיט פרייד, וואָרום גאָט האָט זיי דערפרייט, און האָט צוגעקערט צו זיי דאָס האַרץ פון דעם מלך פון אַשור, צו שטאַרקן זייערע הענט אין דער אַרבעט פון דעם הויז פון גאָט, דעם גאָט פון ישׂראל.

ז

וְאַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה בְּמַלְכוּת אַרְתַּחְשַׁסְתְּא מֶלֶךְ־פָּרָס א
עֶזְרָא בֶּן־שְׂרָיָה בֶּן־עֲזַרְיָה בֶּן־חִלְקִיָּה׃ בֶּן־שַׁלּוּם בֶּן־צָדוֹק ב
בֶּן־אֲחִיטוּב׃ בֶּן־אֲמַרְיָה בֶן־עֲזַרְיָה בֶּן־מְרָיוֹת׃ בֶּן־זְרַחְיָה ג ד
בֶן־עֻזִּי בֶּן־בֻּקִּי׃ בֶּן־אֲבִישׁוּעַ בֶּן־פִּינְחָס בֶּן־אֶלְעָזָר בֶּן־אַהֲרֹן ה
הַכֹּהֵן הָרֹאשׁ׃ הוּא עֶזְרָא עָלָה מִבָּבֶל וְהוּא־סֹפֵר מָהִיר ו
בְּתוֹרַת מֹשֶׁה אֲשֶׁר־נָתַן יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּתֶּן־לוֹ
הַמֶּלֶךְ כְּיַד־יְהוָה אֱלֹהָיו עָלָיו כֹּל בַּקָּשָׁתוֹ׃ וַיַּעֲלוּ מִבְּנֵי־ ז
יִשְׂרָאֵל וּמִן־הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם וְהַמְשֹׁרְרִים וְהַשֹּׁעֲרִים
וְהַנְּתִינִים אֶל־יְרוּשָׁלִָם בִּשְׁנַת־שֶׁבַע לְאַרְתַּחְשַׁסְתְּא הַמֶּלֶךְ׃
וַיָּבֹא יְרוּשָׁלִַם בַּחֹדֶשׁ הַחֲמִישִׁי הִיא שְׁנַת הַשְּׁבִיעִית ח
לַמֶּלֶךְ׃ כִּי בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן הוּא יְסֻד הַמַּעֲלָה ט
מִבָּבֶל וּבְאֶחָד לַחֹדֶשׁ הַחֲמִישִׁי בָּא אֶל־יְרוּשָׁלִַם כְּיַד־
אֱלֹהָיו הַטּוֹבָה עָלָיו׃ כִּי עֶזְרָא הֵכִין לְבָבוֹ לִדְרוֹשׁ אֶת־ י
תּוֹרַת יְהוָה וְלַעֲשֹׂת וּלְלַמֵּד בְּיִשְׂרָאֵל חֹק וּמִשְׁפָּט׃
וְזֶה ׀ פַּרְשֶׁגֶן הַנִּשְׁתְּוָן אֲשֶׁר נָתַן הַמֶּלֶךְ אַרְתַּחְשַׁסְתְּא יא
לְעֶזְרָא הַכֹּהֵן הַסֹּפֵר סֹפֵר דִּבְרֵי מִצְוֹת־יְהוָה וְחֻקָּיו עַל־
יִשְׂרָאֵל׃ אַרְתַּחְשַׁסְתְּא מֶלֶךְ מַלְכַיָּא לְעֶזְרָא כָהֲנָא יב
סָפַר דָּתָא דִּי־אֱלָהּ שְׁמַיָּא גְּמִיר וּכְעֶנֶת׃ מִנִּי שִׂים טְעֵם יג
דִּי כָל־מִתְנַדַּב בְּמַלְכוּתִי מִן־עַמָּה יִשְׂרָאֵל וְכָהֲנוֹהִי וְלֵוָיֵא
לִמְהָךְ לִירוּשְׁלֶם עִמָּךְ יְהָךְ׃ כָּל־קֳבֵל דִּי מִן־קֳדָם מַלְכָּא יד
וְשִׁבְעַת יָעֲטֹהִי שְׁלִיחַ לְבַקָּרָא עַל־יְהוּד וְלִירוּשְׁלֶם בְּדָת
אֱלָהָךְ דִּי בִידָךְ׃ וּלְהֵיבָלָה כְּסַף וּדְהַב דִּי־מַלְכָּא וְיָעֲטוֹהִי טו
הִתְנַדַּבוּ לֶאֱלָהּ יִשְׂרָאֵל דִּי בִירוּשְׁלֶם מִשְׁכְּנֵהּ׃ וְכֹל כְּסַף טז
וּדְהַב דִּי תְהַשְׁכַּח בְּכֹל מְדִינַת בָּבֶל עִם הִתְנַדָּבוּת עַמָּא
וְכָהֲנַיָּא מִתְנַדְּבִין לְבֵית אֱלָהֲהֹם דִּי בִירוּשְׁלֶם׃ כָּל־קֳבֵל יז
דְּנָה אָסְפַּרְנָא תִקְנֵא בְּכַסְפָּא דְנָה תּוֹרִין ׀ דִּכְרִין אִמְּרִין

ט׳ כצל  יג׳ בס״א ולויא ק׳  טו׳ פתח באתנח  נ״א מ׳  טז׳ בנ״א ד׳ בשוא

ז 1 און נאָך דידאָזיקע געשעעניש, אין דער מלוכה פון אַרתַּחשַסתּאָ דעם מלך פון פָּרַס, איז עזרא דער זון פון שׂרָיָה, דעם זון פון עֲזַריָה, דעם זון פון חִלקִיָה, 2 דעם זון פון שַלום, דעם זון פון צָדוֹק, דעם זון פון אַחיטוב, 3 דעם זון פון אַמַריָה, דעם זון פון עֲזַריָה, דעם זון פון מרָיוֹת, 4 דעם זון פון זַרַחיָה, דעם זון פון עוזי, דעם זון פון בוקי, 5 דעם זון פון אַבישוּעַ, דעם זון פון פּינחס, דעם זון פון אֶלעָזָר, דעם זון פון אַהרן דעם כֹּהן־גדול — 6 איז דערדאָזיקער עזרא אַרויפגעגאַנגען קיין בָּבל; און ער איז געווען אַ שרייבער, באַהאַוונט אין תּורת־משה וואָס יהוה דער גאָט פון ישׂראל האָט געגעבן. און דער מלך האָט אים געגעבן זיין איטלעכע בקשה, לויט דער האַנט פון יהוה זיין גאָט אויף אים. 7 און עס זיינען אַרויפגעגאַנגען פון די קינדער פון ישׂראל, און פון די כֹּהנים און די לוִיִים, און די זינגערס, און די טויערלייט, און די נתינים, קיין ירושָלַיִם, אין זיבעטן יאָר פון מלך אַרתַּחשַסתּאָ. 8 און ער איז געקומען קיין ירושָלַיִם אין פינפטן חודש, וואָס איז געווען אין זיבעטן יאָר פון מלך. 9 וואָרום אין ערשטן טאָג פון ערשטן חודש איז געווען דער אָנהייב פון דעם אַרויפגאַנג פון בָּבל, און אין ערשטן טאָג פון פינפטן חודש איז ער אָנגעקומען קיין ירושָלַיִם, לויט דער גוטער האַנט פון זיין גאָט אויף אים. 10 וואָרום עזרא האָט געקערט זיין האַרץ צו פאָרשן גאָטס תּורה, און צו טאָן, און צו לערנען אין ישׂראל חוקים און געזעצן.

11 און דאָס איז דער נוסח פון דעם בריוו וואָס דער מלך אַרתַּחשַסתּאָ האָט געגעבן עזרא דעם כֹּהן, דעם שרייבער — דעם שרייבער פון די ווערטער פון גאָטס געבאָט און זיינע געזעצן צו ישׂראל: 12 אַרתַּחשַסתּאָ דער מלך פון מלכים צו עזרא דעם כֹּהן, דעם שרייבער פון דעם געזעץ פון דעם גאָט פון הימל, און אַזוי ווייטער. און אַצונד 13 ווערט פון מיר געגעבן אַ באַפעל, אַז איטלעכער וואָס באַט זיך אָן אין מיין קיניגרייך, פון דעם פאָלק ישׂראל, און זייערע כֹּהנים, און די לוִיִים, צו גיין מיט דיר קיין ירושָלַיִם, מעג גיין. 14 אַזוי ווי דו ווערסט געשיקט פון דעם מלך און זיינע זיבן יוֹעצים נאָכצופאָרשן וועגן יהודה און ירושָלַיִם, לויט דעם געזעץ פון דיין גאָט וואָס אין דיין האַנט, 15 און אַוועקצופירן דאָס זילבער און דאָס גאָלד וואָס דער מלך און זיינע יוֹעצים האָבן מנדב געווען צו דעם גאָט פון ישׂראל, וואָס זיין וווינונג איז אין ירושָלַיִם, 16 און אַלדאָס זילבער און גאָלד וואָס דו וועסט קריגן אין דער גאַנצער מדינה בָּבל, אין איינעם מיט די נדבות פון דעם פאָלק און די כֹּהנים וואָס וועלן מנדב זיין פאַר דעם הויז פון זייער גאָט וואָס אין ירושָלַיִם — 17 דרום מעגסטו באַלד קויפן פאַר דעמדאָזיקן געלט אָקסן, ווידערס, שעפסן, מיט זייערע שפּייזאָפּפער

וּמִנְחָתְהוֹן וְנִסְכֵּיהוֹן וּתְקָרֵב הִמּוֹ עַל־מַדְבְּחָה דִּי בֵּית
יח אֱלָהֲכֹם דִּי בִירוּשְׁלֶם׃ וּמָה דִי עֲלָךְ וְעַל־אֶחָךְ יֵיטַב
בִּשְׁאָר כַּסְפָּא וְדַהֲבָה לְמֶעְבַּד כִּרְעוּת אֱלָהֲכֹם תַּעַבְדוּן׃
יט וּמָאנַיָּא דִּי־מִתְיַהֲבִין לָךְ לְפָלְחָן בֵּית אֱלָהָךְ הַשְׁלֵם קֳדָם
כ אֱלָהּ יְרוּשְׁלֶם׃ וּשְׁאָר חַשְׁחוּת בֵּית אֱלָהָךְ דִּי־יִפֶּל־לָךְ
כא לְמִנְתַּן תִּנְתֵּן מִן־בֵּית גִּנְזֵי מַלְכָּא׃ וּמִנִּי אֲנָה אַרְתַּחְשַׁסְתְּא
מַלְכָּא שִׂים טְעֵם לְכֹל גִּזַּבְרַיָּא דִּי בַּעֲבַר נַהֲרָה דִּי כָל־
דִּי יִשְׁאֲלֶנְכוֹן עֶזְרָא כָהֲנָה סָפַר דָּתָא דִּי־אֱלָהּ שְׁמַיָּא
כב אָסְפַּרְנָא יִתְעֲבִד׃ עַד־כְּסַף כַּכְּרִין מְאָה וְעַד־חִנְטִין כֹּרִין
מְאָה וְעַד־חֲמַר בַּתִּין מְאָה וְעַד־בַּתִּין מְשַׁח מְאָה וּמְלַח
כג דִּי־לָא כְתָב׃ כָּל־דִּי מִן־טַעַם אֱלָהּ שְׁמַיָּא יִתְעֲבֵד אַדְרַזְדָּא
לְבֵית אֱלָהּ שְׁמַיָּא דִּי־לְמָה לֶהֱוֵא קְצַף עַל־מַלְכוּת מַלְכָּא
כד וּבְנוֹהִי׃ וּלְכֹם מְהוֹדְעִין דִּי כָל־כָּהֲנַיָּא וְלֵוָיֵא זַמָּרַיָּא
תָרָעַיָּא נְתִינַיָּא וּפָלְחֵי בֵּית אֱלָהָא דְנָה מִנְדָּה בְלוֹ וַהֲלָךְ
כה לָא שַׁלִּיט לְמִרְמֵא עֲלֵיהֹם׃ וְאַנְתְּ עֶזְרָא כְּחָכְמַת אֱלָהָךְ
דִּי־בִידָךְ מֶנִּי שָׁפְטִין וְדַיָּנִין דִּי־לֶהֱוֺן דָּאְנִין לְכָל־עַמָּה דִּי
בַּעֲבַר נַהֲרָה לְכָל־יָדְעֵי דָּתֵי אֱלָהָךְ וְדִי לָא יָדַע תְּהוֹדְעוּן׃
כו וְכָל־דִּי־לָא לֶהֱוֵא עָבֵד דָּתָא דִי־אֱלָהָךְ וְדָתָא דִּי מַלְכָּא
אָסְפַּרְנָא דִּינָה לֶהֱוֵא מִתְעֲבֵד מִנֵּהּ הֵן לְמוֹת הֵן לִשְׁרֹשׁוּ
כז הֵן־לַעֲנָשׁ נִכְסִין וְלֶאֱסוּרִין׃ בָּרוּךְ יְהוָה אֱלֹהֵי
אֲבוֹתֵינוּ אֲשֶׁר נָתַן כָּזֹאת בְּלֵב הַמֶּלֶךְ לְפָאֵר אֶת־בֵּית יְהוָה
כח אֲשֶׁר בִּירוּשָׁלִָם׃ וְעָלַי הִטָּה־חֶסֶד לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וְיוֹעֲצָיו
וּלְכָל־שָׂרֵי הַמֶּלֶךְ הַגִּבֹּרִים וַאֲנִי הִתְחַזַּקְתִּי כְּיַד־יְהוָה אֱלֹהַי
עָלַי וָאֶקְבְּצָה מִיִּשְׂרָאֵל רָאשִׁים לַעֲלוֹת עִמִּי׃

ח

א וְאֵלֶּה רָאשֵׁי אֲבֹתֵיהֶם וְהִתְיַחְשָׂם הָעֹלִים עִמִּי בְּמַלְכוּת
ב אַרְתַּחְשַׁסְתְּא הַמֶּלֶךְ מִבָּבֶל׃ מִבְּנֵי פִינְחָס גֵּרְשֹׁם מִבְּנֵי

ז, יח׳ יתיר י   ה׳ במקום א   יח׳/כ׳ פתח באתנח
כא׳ ס״א גִּזַּבְ׳ וס״א גִּזְּבָ׳ וס״א גִּזְבָ׳   כב׳ ס״א כַּכְ׳ וס״א כִּכְ׳
פתח בס״ס   כד׳ בס״א ולואי ק׳   ג טעמים   בס״א בֵּית אלהא
כה׳ יחיד ה   דינין קרי   כו׳ ה במקום א׳   לשרשי קרי

און זייערע גיסאָפּפער, און זאָלסט זיי מקריב זיין אויף דעם מזבח פון אַייער גאָטס הויז וואָס אין ירושָלַיִם. 18 און וואָס דיר און דיינע ברידער וועט ווילגעפעלן צו טאָן מיט דעם רעשט פון דעם זילבער און גאָלד, מעגט איר טאָן לויט דעם ווילן פון אַייער גאָט. 19 און די כלים וואָס ווערן דיר געגעבן פאַר דעם דינסט פון דיין גאָטס הויז, גיב איבער פאַר דעם גאָט פון ירושָלַיִם. 20 און דאָס איבעריקע וואָס איז נייטיק פאַר דעם הויז פון דיין גאָט וואָס דיר וועט אויס־קומען אויסצוגעבן, זאָלסטו אויסגעבן פון דעם מלכס שאַצקאַמער. 21 און פון מיר, מלך אַרתַּחשַׁסתּאָ, ווערט געגעבן אַ באַפעל צו אַלע שאַצמייגסטער וואָס אויף יענער זייט טייך, אַז אַלץ וואָס עזרא דער כֹּהן, דער שרייבער פון דעם געזעץ פון דעם גאָט פון הימל, וועט פון אַייך פאַר־לאַנגען, זאָל אויף גיך געטאָן ווערן, 22 ביז הונדערט צענטנער זילבער, און ביז הונדערט כּור ווייץ, און ביז הונדערט בַּת וויין, און ביז הונדערט בַּת אייל, און זאַלץ אָן אַ געשריבענער צאָל. 23 אַלץ וואָס איז אויף דעם באַפעל פון דעם גאָט פון הימל, זאָל ריכטיק געטאָן ווערן פאַר דעם הויז פון דעם גאָט פון הימל, כּדי עס זאָל ניט זיין אַ צאָרן אויף דער מלוכה פון דעם מלך און זיינע קינדער. 24 אויך זייגען מיר אַייך מודיע, אַז אַלע כֹּהנים און לֵוִיִם, זינגערס, טויערלייט, נתינים, און דינער פון דעמדאָזיקן הויז פון גאָט, זאָל מען אָפּצאָל, מֶכֶס, און וועגגעלט, ניט טאָרן אַרויפלייגן אויף זיי. 25 און דו עזרא, לויט דער חכמה פון דיין גאָט וואָס אין דיין האַנט, זעץ אויף ריכטער און דַיָנים וואָס זאָלן משפּטן דאָס גאַנצע פאָלק וואָס אויף יענער זייט טייך, אַלע וואָס ווייסן די געזעצן פון דיין גאָט; און דעם וואָס ווייס ניט, זאָלט איר מאַכן וויסן. 26 און דער וואָס וועט ניט טאָן דאָס געזעץ פון דיין גאָט, און דאָס געזעץ פון דעם מלך, זאָל גיך געטאָן ווערן אויף אים אַ משפּט, ענטוועדער צום טויט, אָדער צו פאַרטרייבונג, אָדער צו געלטשטראָף, אָדער צו געפענקעניש.

27 געלויבט איז יהוה דער גאָט פון אונדזערע עלטערן וואָס ער האָט אַזוינס אַריינגעגעבן אין מלכס האַרצן, צו באַ־שיינען דאָס הויז פון גאָט וואָס אין ירושָלַיִם, 28 און ער האָט מיר צוגענייגט גענאָד פאַר דעם מלך און זיינע יוֹעצים, און ביי אַלע מאַכטיקע האַרן פון דעם מלך. און איך האָב מיך געשטאַרקט לויט דער האַנט פון יהוה מיין גאָט אויף מיר, און איך האָב אַייגעזאַמלט פון ישׂראל הויפּטלייט אַרויפצוגיין מיט מיר.

ח 1 און דאָס זיינען די הויפּטן פון זייערע פאָטערהייזער, און דער יחוס־בריוו פון די וואָס זייגען אַרויפגעגאַנגען מיט מיר פון בָּבל, אין דער מלוכה פון דעם מלך אַרתַּחשַׁסתּאָ.
2 פון די קינדער פון פינחס: גֵרשום.

ג אִיתָמָר דָּנִיֵּאל מִבְּנֵי דָוִיד חַטּוּשׁ׃ מִבְּנֵי שְׁכַנְיָה מִבְּנֵי
פַרְעֹשׁ זְכַרְיָה וְעִמּוֹ הִתְיַחֵשׂ לִזְכָרִים מֵאָה וַחֲמִשִּׁים׃
ד מִבְּנֵי פַּחַת מוֹאָב אֶלְיְהוֹעֵינַי בֶּן־זְרַחְיָה וְעִמּוֹ מָאתַיִם
ה הַזְּכָרִים׃ מִבְּנֵי שְׁכַנְיָה בֶּן־יַחֲזִיאֵל וְעִמּוֹ שְׁלֹשׁ מֵאוֹת
ו הַזְּכָרִים׃ וּמִבְּנֵי עָדִין עֶבֶד בֶּן־יוֹנָתָן וְעִמּוֹ חֲמִשִּׁים הַזְּכָרִים׃
ז וּמִבְּנֵי עֵילָם יְשַׁעְיָה בֶּן־עֲתַלְיָה וְעִמּוֹ שִׁבְעִים הַזְּכָרִים׃
ח וּמִבְּנֵי שְׁפַטְיָה זְבַדְיָה בֶּן־מִיכָאֵל וְעִמּוֹ שְׁמֹנִים הַזְּכָרִים׃
ט מִבְּנֵי יוֹאָב עֹבַדְיָה בֶּן־יְחִיאֵל וְעִמּוֹ מָאתַיִם וּשְׁמֹנָה עָשָׂר
י הַזְּכָרִים׃ וּמִבְּנֵי שְׁלוֹמִית בֶּן־יוֹסִפְיָה וְעִמּוֹ מֵאָה וְשִׁשִּׁים
יא הַזְּכָרִים׃ וּמִבְּנֵי בֵּבַי זְכַרְיָה בֶּן־בֵּבָי וְעִמּוֹ עֶשְׂרִים וּשְׁמֹנָה
יב הַזְּכָרִים׃ וּמִבְּנֵי עַזְגָּד יוֹחָנָן בֶּן־הַקָּטָן וְעִמּוֹ מֵאָה וַעֲשָׂרָה
יג הַזְּכָרִים׃ וּמִבְּנֵי אֲדֹנִיקָם אַחֲרֹנִים וְאֵלֶּה שְׁמוֹתָם אֱלִיפֶלֶט
יד יְעִיאֵל וּשְׁמַעְיָה וְעִמָּהֶם שִׁשִּׁים הַזְּכָרִים׃ וּמִבְּנֵי בִּגְוַי עוּתַי
טו וְזַבּוּד וְעִמּוֹ שִׁבְעִים הַזְּכָרִים׃ וָאֶקְבְּצֵם אֶל־הַנָּהָר
הַבָּא אֶל־אַהֲוָא וַנַּחֲנֶה שָׁם יָמִים שְׁלֹשָׁה וָאָבִינָה בָעָם
טז וּבַכֹּהֲנִים וּמִבְּנֵי לֵוִי לֹא־מָצָאתִי שָׁם׃ וָאֶשְׁלְחָה לֶאֱלִיעֶזֶר
לַאֲרִיאֵל לִשְׁמַעְיָה וּלְאֶלְנָתָן וּלְיָרִיב וּלְאֶלְנָתָן וּלְנָתָן
וְלִזְכַרְיָה וְלִמְשֻׁלָּם רָאשִׁים וּלְיוֹיָרִיב וּלְאֶלְנָתָן מְבִינִים׃
יז וָאוֹצְאָה אוֹתָם עַל־אִדּוֹ הָרֹאשׁ בְּכָסִפְיָא הַמָּקוֹם וָאָשִׂימָה
בְּפִיהֶם דְּבָרִים לְדַבֵּר אֶל־אִדּוֹ אָחִיו הַנְּתוּנִים בְּכָסִפְיָא
יח הַמָּקוֹם לְהָבִיא־לָנוּ מְשָׁרְתִים לְבֵית אֱלֹהֵינוּ׃ וַיָּבִיאּוּ לָנוּ
כְּיַד־אֱלֹהֵינוּ הַטּוֹבָה עָלֵינוּ אִישׁ שֶׂכֶל מִבְּנֵי מַחְלִי בֶּן־לֵוִי
יט בֶּן־יִשְׂרָאֵל וְשֵׁרֵבְיָה וּבָנָיו וְאֶחָיו שְׁמֹנָה עָשָׂר׃ וְאֶת־
חֲשַׁבְיָה וְאִתּוֹ יְשַׁעְיָה מִבְּנֵי מְרָרִי אֶחָיו וּבְנֵיהֶם עֶשְׂרִים׃
כ וּמִן־הַנְּתִינִים שֶׁנָּתַן דָּוִיד וְהַשָּׂרִים לַעֲבֹדַת הַלְוִיִּם
כא נְתִינִים מָאתַיִם וְעֶשְׂרִים כֻּלָּם נִקְּבוּ בְשֵׁמוֹת׃ וָאֶקְרָא
שָׁם צוֹם עַל־הַנָּהָר אַהֲוָא לְהִתְעַנּוֹת לִפְנֵי אֱלֹהֵינוּ לְבַקֵּשׁ

יב' ס"א ועשרים  יד' וזכור קרי  ב ס"א ועמהם  יז' ואצוה קרי
הנתינים קרי  יח' א דגושה

פון די קינדער פון איתָמָר: דָניאֵל. פון די קינדער פון דוד: חַטוּש.

[3] פון די קינדער פון שכַנְיָה: פון די קינדער פון פַּרעוֹש, זכַריָה; און צו אים האָבן זיך מיַחס געווען הונדערט און פופציק מאַנספּאַרשוינען.

[4] פון די קינדער פון פַּחַת־מוֹאָב: אֶלְיְהוֹעֵינַי דער זון פון זרַחיָהן, און מיט אים צוויי הונדערט מאַנספּאַרשוינען.

[5] פון די קינדער פון שכַניָה: דער זון פון יַחזיאֵלן, און מיט אים דריי הונדערט מאַנספּאַרשוינען.

[6] און פון די קינדער פון עָדִין: עֶבֶד דער זון פון יוֹנָתָנען, און מיט אים פופציק מאַנספּאַרשוינען.

[7] און פון די קינדער פון עֵילָם: ישַעְיָה דער זון פון עֲתַלְיָהן, און מיט אים זיבעציק מאַנספּאַרשוינען.

[8] און פון די קינדער פון שפַטְיָה: זבַדיָה דער זון פון מיכָאֵלן, און מיט אים אַכציק מאַנספּאַרשוינען.

[9] פון די קינדער פון יוֹאָב: עוֹבַדְיָה דער זון פון יחיאֵלן, און מיט אים צוויי הונדערט און אַכצן מאַנספּאַר־שוינען.

[10] און פון די קינדער פון שלוֹמית: דער זון פון יוֹספיָהן, און מיט אים הונדערט און זעכציק מאַנספּאַר־שוינען.

[11] און פון די קינדער פון בֵבַי: זכַריָה דער זון פון בֵבָין, און מיט אים אַכט און צוואַנציק מאַנספּאַרשוינען.

[12] און פון די קינדער פון עַזגָד: יוֹחָנָן דער זון פון הַקָטָנען, און מיט אים הונדערט און צען מאַנספּאַרשוינען.

[13] און פון די קינדער פון אֲדוֹניקָם: די לעצטע; און דאָס זיינען זייערע נעמען: אֱליפֶלֶט, יעִיאֵל, און שמַעיָה, און מיט זיי זעכציק מאַנספּאַרשוינען.

[14] און פון די קינדער פון בִגוַי: עוּתַי, און זַכּוּר, און מיט זיי זיבעציק מאַנספּאַרשוינען.

[15] און איך האָב זיי איינגעזאַמלט ביים טייך וואָס גייט אַריין אין אַהֲוָא, און מיר האָבן דאָרטן גערוט דריי טעג, און איך האָב נאָכגעקוקט צווישן דעם פאָלק און צווישן די כּהנים, און האָב דאָרטן ניט געפונען פון די קינדער פון לֵוִי. [16] האָב איך געשיקט נאָך אֱליעֶזֶר, נאָך אריאֵל, נאָך שמַעיָה, און נאָך אֶלנָתָן, און נאָך יָריב, און נאָך אֶלנָתָן, און נאָך נָתָן, און נאָך זכַריָה, און נאָך משוּלָם, די הויפּטלייט, און נאָך יוֹיָריב, און נאָך אֶלנָתָן, די קענער. [17] און איך האָב זיי געגעבן אַ באַפעל צו אִדוֹ דעם הויפּטמאַן אין דעם אָרט כָּספיָא, און איך האָב אַריינגעטאָן אין זייער מויל ווערטער צו רעדן צו אִדוֹן [און] זיין ברודער וואָס זיינען געווען געזעצט איבער דעם אָרט כָּספיָא, אונדז צו ברענגען באַדינער פאַר דעם הויז פון אונדזער גאָט. [18] און זיי האָבן אונדז געבראַכט, לויט דער גוטער האַנט פון גאָט אויף אונדז, אַ פאַרשטאַנדיקן מאַן פון די קינדער פון מַחלי דעם זון פון לֵוִי, דעם זון פון ישׂראלן; און שֵרֵבְיָהן מיט זיינע זין און זיינע ברידער—אַכצן; [19] און חֲשַבְיָהן, און מיט אים ישַעְיָהן פון די קינדער פון מרָרי, זיינע ברידער, און זייערע זין—צוואַנציק; [20] און פון די נתינים וואָס דוד און די האַרן האָבן אָפּגעגעבן פאַר דעם דינסט פון די לוִיִם, צוויי הונדערט און צוואַנציק נתינים; אַלע זיינען געווען אָנגערופן מיט די נעמען.

[21] און איך האָב דאָרטן אויסגערופן אַ תָענית ביים טייך אַהֲוָא, זיך צו פייניקן פאַר אונדזער גאָט, כּדי צו בעטן

בײַ אים אַ גלײַכן װעג פֿאַר אונדז און פֿאַר אונדזערע קלײנע קינדער, און פֿאַר אונדזער גאַנצן פֿאַרמעג. [22] װאָרום איך האָב זיך געשעמט צו פֿאַרלאַנגען פֿון דעם מלך חיל און רײַטער אונדז צו העלפֿן פֿון אַ פֿײַנט אויפֿן װעג, װײַל מיר האָבן געזאָגט צום מלך, אַזױ צו זאָגן: די האַנט פֿון גאָט איז צום גוטן אויף אַלע װאָס זוכן אים, און זײַן מאַכט און זײַן צאָרן אַקעגן אַלע װאָס פֿאַרלאָזן אים. [23] און מיר האָבן געפֿאַסט, און געבעטן בײַ אונדזער גאָט װעגן דעם, און ער האָט זיך געלאָזט דערבעטן פֿון אונדז.

[24] און איך האָב אָפּגעשײדט פֿון די האַרן פֿון די כּהנים צװעלף; שֵׁרֵבְיָהן, חֲשַׁבְיָהן, און מיט זײ צען פֿון זײערע ברידער. [25] און איך האָב זײ צוגעװױגן דאָס זילבער, און דאָס גאָלד, און די כּלים, די אָפּשײדונג פֿאַר אונדזער גאָטס הויז װאָס דער מלך און זײַנע יועצים און זײַנע האַרן און גאַנץ ישׂראל װאָס האָבן זיך דאָרטן געפֿונען, האָבן מנדב געװען. [26] און איך האָב אָפּגעװױגן אויף זײער האַנט זילבער זעקס הונדערט און פֿופֿציק צענטנער, און זילבערנע כּלים הונדערט צענטנער; גאָלד הונדערט צענטנער; [27] און גילדערנע בעכער צװאַנציק, צו טויזנט אַדַרכּונים; און צװײ כּלים פֿון פֿײַנעם געלן קופּער, אַזױ טײַער װי גאָלד. [28] און איך האָב צו זײ געזאָגט: איר זײַט הײליק צו גאָט, און די כּלים זײַנען הײליק; און דאָס זילבער און דאָס גאָלד איז אַ נדבה צו יהוה דעם גאָט פֿון אײַערע עלטערן. [29] פּאַסט אויף און היט עס, ביז איר װעט עס אָפּװעגן פֿאַר די האַרן פֿון די כּהנים און די לוִיִם, און די האַרן פֿון די פּאָטערהײזער פֿון ישׂראל אין ירושָלַיִם, אין די קאַמערן פֿון גאָטס הויז. [30] און די כּהנים און די לוִיִם האָבן צוגענומען די װאָג פֿון דעם זילבער און דעם גאָלד, און די כּלים, אויף צו ברענגען קײן ירושָלַיִם אין הויז פֿון אונדזער גאָט.

כב מִמֶּנּוּ דֶּרֶךְ יְשָׁרָה לָנוּ וּלְטַפֵּנוּ וּלְכָל־רְכוּשֵׁנוּ׃ כִּי בֹשְׁתִּי
לִשְׁאוֹל מִן־הַמֶּלֶךְ חַיִל וּפָרָשִׁים לְעָזְרֵנוּ מֵאוֹיֵב בַּדָּרֶךְ
כִּי־אָמַרְנוּ לַמֶּלֶךְ לֵאמֹר יַד־אֱלֹהֵינוּ עַל־כָּל־מְבַקְשָׁיו
כג לְטוֹבָה וְעֻזּוֹ וְאַפּוֹ עַל כָּל־עֹזְבָיו׃ וַנָּצוּמָה וַנְּבַקְשָׁה
כד מֵאֱלֹהֵינוּ עַל־זֹאת וַיֵּעָתֵר לָנוּ׃ וָאַבְדִּילָה מִשָּׂרֵי הַכֹּהֲנִים
שְׁנֵים עָשָׂר לְשֵׁרֵבְיָה חֲשַׁבְיָה וְעִמָּהֶם מֵאֲחֵיהֶם עֲשָׂרָה׃
כה וָאֶשְׁקוֹלָה לָהֶם אֶת־הַכֶּסֶף וְאֶת־הַזָּהָב וְאֶת־הַכֵּלִים תְּרוּמַת
בֵּית־אֱלֹהֵינוּ הַהֵרִימוּ הַמֶּלֶךְ וְיֹעֲצָיו וְשָׂרָיו וְכָל־יִשְׂרָאֵל
כו הַנִּמְצָאִים׃ וָאֶשְׁקֲלָה עַל־יָדָם כֶּסֶף כִּכָּרִים שֵׁשׁ־מֵאוֹת
וַחֲמִשִּׁים וּכְלֵי־כֶסֶף מֵאָה לְכִכָּרִים זָהָב מֵאָה כִכָּר׃
כז וּכְפֹרֵי זָהָב עֶשְׂרִים לַאֲדַרְכֹנִים אָלֶף וּכְלֵי נְחֹשֶׁת מֻצְהָב
כח טוֹבָה שְׁנַיִם חֲמוּדֹת כַּזָּהָב׃ וָאֹמְרָה אֲלֵהֶם אַתֶּם קֹדֶשׁ
לַיהוָה וְהַכֵּלִים קֹדֶשׁ וְהַכֶּסֶף וְהַזָּהָב נְדָבָה לַיהוָה אֱלֹהֵי
כט אֲבֹתֵיכֶם׃ שִׁקְדוּ וְשִׁמְרוּ עַד תִּשְׁקְלוּ לִפְנֵי שָׂרֵי הַכֹּהֲנִים
וְהַלְוִיִּם וְשָׂרֵי־הָאָבוֹת לְיִשְׂרָאֵל בִּירוּשָׁלָםִ הַלִּשְׁכוֹת בֵּית
ל יְהוָה׃ וְקִבְּלוּ הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם מִשְׁקַל הַכֶּסֶף וְהַזָּהָב
לא וְהַכֵּלִים לְהָבִיא לִירוּשָׁלַםִ לְבֵית אֱלֹהֵינוּ׃ וַנִּסְעָה
מִנְּהַר אַהֲוָא בִּשְׁנֵים עָשָׂר לַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן לָלֶכֶת יְרוּשָׁלָםִ
וְיַד אֱלֹהֵינוּ הָיְתָה עָלֵינוּ וַיַּצִּילֵנוּ מִכַּף אוֹיֵב וְאוֹרֵב עַל־
לב לג הַדָּרֶךְ׃ וַנָּבוֹא יְרוּשָׁלָםִ וַנֵּשֶׁב שָׁם יָמִים שְׁלֹשָׁה׃ וּבַיּוֹם
הָרְבִיעִי נִשְׁקַל הַכֶּסֶף וְהַזָּהָב וְהַכֵּלִים בְּבֵית אֱלֹהֵינוּ עַל
יַד־מְרֵמוֹת בֶּן־אוּרִיָּה הַכֹּהֵן וְעִמּוֹ אֶלְעָזָר בֶּן־פִּינְחָס וְעִמָּהֶם
לד יוֹזָבָד בֶּן־יֵשׁוּעַ וְנוֹעַדְיָה בֶן־בִּנּוּי הַלְוִיִּם׃ בְּמִסְפָּר בְּמִשְׁקָל
לה לַכֹּל וַיִּכָּתֵב כָּל־הַמִּשְׁקָל בָּעֵת הַהִיא׃ הַבָּאִים
מֵהַשְּׁבִי בְנֵי־הַגּוֹלָה הִקְרִיבוּ עֹלוֹת ׀ לֵאלֹהֵי יִשְׂרָאֵל פָּרִים
שְׁנֵים־עָשָׂר עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל אֵילִים ׀ תִּשְׁעִים וְשִׁשָּׁה כְּבָשִׂים
שִׁבְעִים וְשִׁבְעָה צְפִירֵי חַטָּאת שְׁנֵים עָשָׂר הַכֹּל עוֹלָה

כב׳ נ״א רכב   כה׳ יתדוי   כז׳ בס״א הכ׳ דגושה
ל׳ בס״א משקל   לא׳ בס״א הס׳ רפוה   לג׳ בס״א על־יד

[31] און מיר האָבן אַװעקגעצױגן פֿון דעם טײַך אַהֲוָא אין צװעלפֿטן טאָג פֿון ערשטן חודש, צו גײן קײן ירושָלַיִם, און די האַנט פֿון גאָט איז געװען אויף אונדז, און ער האָט אונדז באַשירעמט פֿון דער האַנט פֿון פֿײַנט און לױערער אויפֿן װעג. [32] און מיר זײַנען געקומען קײן ירושָלַיִם, און זײַנען דאָרטן געזעסן דרײַ טעג. [33] און אויפֿן פֿירטן טאָג איז דאָס זילבער און דאָס גאָלד און די כּלים אָפּגעװױגן געװאָרן אין הויז פֿון אונדזער גאָט, אויף דער האַנט פֿון מְרֵמוֹת דעם זון פֿון אוּרִיָהן, דעם כּהן, און מיט אים איז געװען אֶלְעָזָר דער זון פֿון פּינחסן, און מיט זײ, יוֹזָבָד דער זון פֿון יֵשׁוּעַן, און נוֹעַדְיָה דער זון פֿון בִּנּוּין, די לוִיִם; [34] אַלץ מיט אַ צאָל און מיט אַ װאָג; און די גאַנצע װאָג איז פֿאַרשריבן געװאָרן אין יענער צײַט.

[35] האָבן די קינדער פֿון גלות װאָס זײַנען געקומען פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט, מקריב געװען בראַנדאָפּפֿער צום גאָט פֿון ישׂראל, צװעלף אָקסן פֿאַר גאַנץ ישׂראל, זעקס און נײַנציק װידערס, זיבן און זיבעציק שעפּסן, צװעלף בעק פֿאַר זינד־

לַיהוָֽה׃ וַיִּתְּנ֞וּ אֶת־דָּתֵ֣י הַמֶּ֗לֶךְ לַאֲחַשְׁדַּרְפְּנֵ֤י הַמֶּ֙לֶךְ֙ וּפַחֲו֖וֹת 36
עֵ֣בֶר הַנָּהָ֑ר וְנִשְּׂא֥וּ אֶת־הָעָ֖ם וְאֶת־בֵּית־הָאֱלֹהִֽים׃

## ט

וּכְכַלּ֣וֹת אֵ֗לֶּה נִגְּשׁ֨וּ אֵלַ֤י הַשָּׂרִים֙ לֵאמֹ֔ר לֹֽא־נִבְדְּל֞וּ הָעָ֣ם 1
יִשְׂרָאֵ֗ל וְהַכֹּהֲנִים֙ וְהַלְוִיִּ֔ם מֵעַמֵּ֖י הָאֲרָצ֑וֹת כְּתֹעֲבֹֽתֵיהֶ֡ם
לַֽכְּנַעֲנִ֨י הַחִתִּ֜י הַפְּרִזִּ֣י הַיְבוּסִ֗י הָעַמֹּנִי֙ הַמֹּ֣אָבִ֔י הַמִּצְרִ֖י
וְהָאֱמֹרִֽי׃ כִּֽי־נָשְׂא֣וּ מִבְּנֹֽתֵיהֶ֗ם לָהֶם֙ וְלִבְנֵיהֶ֔ם וְהִתְעָֽרְבוּ֙ 2
זֶ֣רַע הַקֹּ֔דֶשׁ בְּעַמֵּ֖י הָאֲרָצ֑וֹת וְיַ֧ד הַשָּׂרִ֛ים וְהַסְּגָנִ֖ים הָֽיְתָ֥ה
בַּמַּ֛עַל הַזֶּ֖ה רִאשׁוֹנָֽה׃ וּכְשָׁמְעִי֙ אֶת־הַדָּבָ֣ר הַזֶּ֔ה קָרַ֥עְתִּי 3
אֶת־בִּגְדִ֖י וּמְעִילִ֑י וָֽאֶמְרְטָ֞ה מִשְּׂעַ֤ר רֹאשִׁי֙ וּזְקָנִ֔י וָאֵשְׁבָ֖ה
מְשׁוֹמֵֽם׃ וְאֵלַ֣י יֵאָסְפ֗וּ כֹּ֚ל חָרֵ֙ד֙ בְּדִבְרֵ֣י אֱלֹהֵֽי־יִשְׂרָאֵ֔ל 4
עַ֖ל מַ֣עַל הַגּוֹלָ֑ה וַאֲנִי֙ יֹשֵׁ֣ב מְשׁוֹמֵ֔ם עַ֖ד לְמִנְחַ֥ת הָעָֽרֶב׃
וּבְמִנְחַ֣ת הָעֶ֗רֶב קַ֚מְתִּי מִתַּ֣עֲנִיתִ֔י וּבְקָרְעִ֥י בִגְדִ֖י וּמְעִילִ֑י 5
וָאֶכְרְעָה֙ עַל־בִּרְכַּ֔י וָאֶפְרְשָׂ֥ה כַפַּ֖י אֶל־יְהוָ֥ה אֱלֹהָֽי׃
וָאֹמְרָ֗ה אֱלֹהַי֙ בֹּ֣שְׁתִּי וְנִכְלַ֔מְתִּי לְהָרִ֧ים אֱלֹהַ֛י פָּנַ֖י אֵלֶ֑יךָ כִּ֣י 6
עֲוֺנֹתֵ֤ינוּ רָבוּ֙ לְמַ֣עְלָה רֹּ֔אשׁ וְאַשְׁמָתֵ֥נוּ גָדְלָ֖ה עַ֥ד לַשָּׁמָֽיִם׃
מִימֵ֣י אֲבֹתֵ֗ינוּ אֲנַ֙חְנוּ֙ בְּאַשְׁמָ֣ה גְדֹלָ֔ה עַ֖ד הַיּ֣וֹם הַזֶּ֑ה וּבַעֲוֺנֹתֵ֡ינוּ 7
נִתַּ֡נּוּ אֲנַ֣חְנוּ מְלָכֵ֣ינוּ כֹ֠הֲנֵינוּ בְּיַ֣ד ׀ מַלְכֵ֨י הָאֲרָצ֜וֹת בַּחֶ֨רֶב
בַּשְּׁבִ֥י וּבַבִּזָּ֖ה וּבְבֹ֣שֶׁת פָּנִ֑ים כְּהַיּ֖וֹם הַזֶּֽה׃ וְעַתָּ֡ה כִּמְעַט־ 8
רֶ֜גַע הָיְתָ֣ה תְחִנָּ֣ה מֵאֵ֣ת ׀ יְהוָ֣ה אֱלֹהֵ֗ינוּ לְהַשְׁאִ֥יר לָ֙נוּ֙
פְּלֵיטָ֔ה וְלָתֶת־לָ֥נוּ יָתֵ֖ד בִּמְק֣וֹם קָדְשׁ֑וֹ לְהָאִ֤יר עֵינֵ֙ינוּ֙
אֱלֹהֵ֔ינוּ וּלְתִתֵּ֛נוּ מִחְיָ֥ה מְעַ֖ט בְּעַבְדֻתֵֽנוּ׃ כִּֽי־עֲבָדִ֣ים אֲנַ֔חְנוּ 9
וּבְעַבְדֻתֵ֔נוּ לֹ֥א עֲזָבָ֖נוּ אֱלֹהֵ֑ינוּ וַיַּט־עָלֵ֣ינוּ חֶ֡סֶד לִפְנֵי֩ מַלְכֵ֨י
פָרַ֜ס לָֽתֶת־לָ֣נוּ מִחְיָ֗ה לְרוֹמֵ֞ם אֶת־בֵּ֤ית אֱלֹהֵ֙ינוּ֙ וּלְהַעֲמִ֣יד
אֶת־חָרְבֹתָ֔יו וְלָתֶת־לָ֣נוּ גָדֵ֔ר בִּיהוּדָ֖ה וּבִירוּשָׁלִָֽם׃ וְעַתָּ֛ה 10
מַה־נֹּאמַ֥ר אֱלֹהֵ֖ינוּ אַחֲרֵי־זֹ֑את כִּ֥י עָזַ֖בְנוּ מִצְוֺתֶֽיךָ׃ אֲשֶׁ֣ר 11
צִוִּ֗יתָ בְּיַ֨ד עֲבָדֶ֣יךָ הַנְּבִיאִים֮ לֵאמֹר֒ הָאָ֣רֶץ אֲשֶׁ֨ר אַתֶּ֤ם בָּאִים֙

ו׳ הר׳ דגושה

אָפּפער; אַלע בראַנדאָפּפער צו גאָט. 36 און זיי האָבן איבערגעגעבן די באַפעלן פון מלך צו די סאַטראַפּן פון מלך, און די פירשטן פון יענער זייט טייך; און זיי האָבן געהאָלפן דעם פאָלק און דעם הויז פון גאָט.

## ט

1 און אַז מע האָט דאָס געענדיקט, האָבן גענענט צו מיר די האַרן, אַזוי צו זאָגן: דאָס פאָלק ישׂראל, און די כּהנים און די לוִיִים, האָבן זיך ניט געהאַלטן אָפּגעשיידט פון די פעלקער פון די לענדער, לויט זייערע אומווער־דיקייטן—פון דעם כּנעני, דעם חִתּי, דעם פּרִזי, דעם יבוּסי, דעם עַמוני, דעם מואָבי, דעם מִצרי, און דעם אֶמורי. 2 וואָרום זיי האָבן גענומען פון זייערע טעכטער פאַר זיך און פאַר זייערע זין, און דער הייליקער זאָמען האָט זיך פאַרמישט מיט די פעלקער פון די לענדער, און די האַנט פון די האַרן און די פאָרשטייער איז געווען די ערשטע אין דערדאָזיקער פעלשונג. 3 און ווי איך האָב געהערט דידאָזיקע זאַך, האָב איך צעריסן מיין בגד און מיין מאַנטל, און איך האָב זיך געפליקט די האָר פון קאָפּ און פון באָרד, און איך בין געזעסן אַ באַנומענער. 4 האָבן זיך אַלע איינגעזאַמלט צו מיר אַלע וואָס האָבן געציטערט איבער די ווערטער פון דעם גאָט פון ישׂראל, פון וועגן דער פעלשונג פון די גלות־לייט; און איך בין געזעסן אַ באַנומענער ביז דעם אָוונט־קרבן.

5 און ביים אָוונט־קרבן בין איך אויפגעשטאַנען פון מיין תּענית, מיט מיין בגד און מיין מאַנטל צעריסן, און איך בין געפאַלן אויף מיינע קני, און האָב אויסגעשפּרייט מיינע הענט צו יהוה מיין גאָט. 6 און איך האָב געזאָגט: מיין גאָט, איך בין אין בושה און שעם זיך אויפצוהייבן מיין פּנים צו דיר, מיין גאָט, וואָרום אונדזערע זינד זיינען געמערט איבערן קאָפּ, און אונדזער שולד איז גרויס ביז צום הימל. 7 פון די טעג פון אונדזערע עלטערן אָן זיינען מיר אין גרויס שולד ביז אויף היינטיקן טאָג, און פאַר אונדזערע זינד זיינען מיר, אונדזערע מלכים, אונדזערע כּהנים, איבערגעגעבן געוואָרן אין דער האַנט פון די מלכים פון די לענדער צום שווערד, צו געפאַנגענשאַפט, און צו רויב, און צו שאַנד פון פּנים, אַזוי ווי היינטיקן טאָג. 8 און אַצונד, אויף אַ קליינער רגע איז אונדז געשען אַ גענאָד פון יהוה אונדזער גאָט, אונדז איבערצולאָזן אַן אַנטרינונג, און אונדז צו געבן אַן אָנהאַלט אין זיין הייליקן אָרט, כּדי אונדזער גאָט זאָל דערלייכטן אונדזערע אויגן, און אונדז לאָזן אַ ביסל אָפּלעבן אין אונדזער קנעכטשאַפט. 9 וואָרום קנעכט זיינען מיר, אָבער אין אונדזער קנעכט־שאַפט האָט אונדז אונדזער גאָט ניט פאַרלאָזן, און ער האָט אונדז צוגענייגט גענאָד פאַר די מלכים פון פּרס, אונדז צו לאָזן אָפּלעבן, אויפצוריכטן דאָס הויז פון אונדזער גאָט, און אויפצושטעלן זיינע חורבות, און אונדז צו געבן אַן אַרומצאַם אין יהודה און אין ירושלים. 10 און אַצונד, אונדזער גאָט, וואָס זאָלן מיר זאָגן נאָך דעם? אַז מיר האָבן פאַרלאָזן דיינע געבאָט 11 וואָס דו האָסט געבאָטן דורך דיינע קנעכט די נביאים, אַזוי צו זאָגן: „דאָס לאַנד וואָס איר קומט

לְרִשְׁתָּהּ אֶרֶץ נִדָּה הִיא בְּנִדַּת עַמֵּי הָאֲרָצוֹת בְּתוֹעֲבֹתֵיהֶם
יב אֲשֶׁר מִלְאוּהָ מִפֶּה אֶל־פֶּה בְּטֻמְאָתָם׃ וְעַתָּה בְּנוֹתֵיכֶם
אַל־תִּתְּנוּ לִבְנֵיהֶם וּבְנֹתֵיהֶם אַל־תִּשְׂאוּ לִבְנֵיכֶם וְלֹא־
תִדְרְשׁוּ שְׁלֹמָם וְטוֹבָתָם עַד־עוֹלָם לְמַעַן תֶּחֶזְקוּ וַאֲכַלְתֶּם
יג אֶת־טוּב הָאָרֶץ וְהוֹרַשְׁתֶּם לִבְנֵיכֶם עַד־עוֹלָם׃ וְאַחֲרֵי
כָּל־הַבָּא עָלֵינוּ בְּמַעֲשֵׂינוּ הָרָעִים וּבְאַשְׁמָתֵנוּ הַגְּדֹלָה כִּי ׀
אַתָּה אֱלֹהֵינוּ חָשַׂכְתָּ לְמַטָּה מֵעֲוֺנֵנוּ וְנָתַתָּה לָּנוּ פְּלֵיטָה
יד כָּזֹאת׃ הֲנָשׁוּב לְהָפֵר מִצְוֺתֶיךָ וּלְהִתְחַתֵּן בְּעַמֵּי הַתֹּעֵבוֹת
הָאֵלֶּה הֲלוֹא תֶאֱנַף־בָּנוּ עַד־כַּלֵּה לְאֵין שְׁאֵרִית וּפְלֵיטָה׃
טו יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל צַדִּיק אַתָּה כִּי־נִשְׁאַרְנוּ פְלֵיטָה
כְּהַיּוֹם הַזֶּה הִנְנוּ לְפָנֶיךָ בְּאַשְׁמָתֵינוּ כִּי אֵין לַעֲמוֹד לְפָנֶיךָ
עַל־זֹאת׃

י

א וּכְהִתְפַּלֵּל עֶזְרָא וּכְהִתְוַדֹּתוֹ בֹּכֶה וּמִתְנַפֵּל לִפְנֵי בֵּית
הָאֱלֹהִים נִקְבְּצוּ אֵלָיו מִיִּשְׂרָאֵל קָהָל רַב־מְאֹד אֲנָשִׁים
ב וְנָשִׁים וִילָדִים כִּי־בָכוּ הָעָם הַרְבֵּה בֶכֶה׃ וַיַּעַן
שְׁכַנְיָה בֶן־יְחִיאֵל מִבְּנֵי עוֹלָם וַיֹּאמֶר לְעֶזְרָא אֲנַחְנוּ מָעַלְנוּ
בֵאלֹהֵינוּ וַנֹּשֶׁב נָשִׁים נָכְרִיּוֹת מֵעַמֵּי הָאָרֶץ וְעַתָּה יֵשׁ־
ג מִקְוֶה לְיִשְׂרָאֵל עַל־זֹאת׃ וְעַתָּה נִכְרָת־בְּרִית לֵאלֹהֵינוּ
לְהוֹצִיא כָל־נָשִׁים וְהַנּוֹלָד מֵהֶם בַּעֲצַת אֲדֹנָי וְהַחֲרֵדִים
ד בְּמִצְוַת אֱלֹהֵינוּ וְכַתּוֹרָה יֵעָשֶׂה׃ קוּם כִּי־עָלֶיךָ הַדָּבָר
ה וַאֲנַחְנוּ עִמָּךְ חֲזַק וַעֲשֵׂה׃ וַיָּקָם עֶזְרָא וַיַּשְׁבַּע אֶת־
שָׂרֵי הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם וְכָל־יִשְׂרָאֵל לַעֲשׂוֹת כַּדָּבָר הַזֶּה
ו וַיִּשָּׁבֵעוּ׃ וַיָּקָם עֶזְרָא מִלִּפְנֵי בֵּית הָאֱלֹהִים וַיֵּלֶךְ אֶל־
לִשְׁכַּת יְהוֹחָנָן בֶּן־אֶלְיָשִׁיב וַיֵּלֶךְ שָׁם לֶחֶם לֹא־אָכַל וּמַיִם
ז לֹא־שָׁתָה כִּי מִתְאַבֵּל עַל־מַעַל הַגּוֹלָה׃ וַיַּעֲבִירוּ קוֹל
בִּיהוּדָה וִירוּשָׁלַםִ לְכֹל בְּנֵי הַגּוֹלָה לְהִקָּבֵץ יְרוּשָׁלָםִ׃

---

י, ב׳ עילם קרי

עס צו אַרבן, איז אַן אומריין לאַנד, דורך דער אומרייני־קייט פון די פעלקער פון די לענדער, דורך זייערע אומ־ווערדיקייטן מיט וואָס זיי האָבן עס אָנגעפילט פון עק צו עק אין זייער טומאה. 12 דרום זאָלט איר אַצונד ניט געבן אײַערע טעכטער צו זייערע זין, און זייערע טעכטער זאָלט איר ניט נעמען פאַר אײַערע זין, און איר זאָלט אויף אייביק ניט זוכן זייער פריד און זייער וווילזיין, כדי איר זאָלט שטאַרק זיין, און עסן דאָס גוטס פון דעם לאַנד און עס לאָזן בירושה צו אײַערע קינדער אויף אייביק." 13 און נאָך אַלץ וואָס איז געקומען אויף אונדז פאַר אונדזערע שלעכטע מעשים און פאַר אונדזער גרויסער שולד, אַז דו אונדזער גאָט האָסט אונדז געשוינט מער ווי נאָך אונדזערע זינד, און אונדז געגעבן אַזאַ אַנטרינונג, 14 זאָלן מיר ווידער פאַרשטערן דײַנע געבאָט, און זיך מתחתן זיין מיט די פעל־קער פון דידאָזיקע אומווערדיקייטן? וועסטו ניט צערענען אויף אונדז ביז צום פאַרלענדן, אַז קיין איבערבלייב און קיין אַנטרינונג זאָל ניט זיין? 15 יהוה דו גאָט פון ישׂראל, דו ביסט אַ גערעכטער; וואָרום מיר זיינען אַן אַנטרונענער איבערבלייב אַזוי ווי היינטיקן טאָג. אָט זיינען מיר פאַר דיר אין אונדזער שולד; וואָרום מע קען ניט באַשטיין פאַר דיר וועגן דעם.

י

1 און ווי עזרא האָט מתפלל געווען און ווי ער האָט זיך מתוודה געווען, וויינענדיק און זיך וואַרפנדיק פאַר גאָטס הויז, האָט זיך אָנגעזאַמלט צו אים פון ישׂראל זייער אַ גרויס געזעמל, מענער און ווייבער און קינדער; וואָרום דאָס פאָלק האָט געוויינט אַ גרויס געוויין. 2 און שכניָה דער זון פון יחיאֵלן, פון די קינדער פון עֵילָם, האָט זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט צו עזראן: מיר האָבן געפעלשט אָן אונדזער גאָט, און האָבן גענומען פרעמדע ווייבער פון די פעלקער פון לאַנד, אָבער אַצונד איז דאָ אַ האָפענונג פאַר ישׂראל וועגן דעם. 3 און לאָמיר אַצונד שליסן אַ בונד מיט אונדזער גאָט, אַוועקצושיקן די אַלע ווייבער, און די וואָס זיינען געבאָרן פון זיי, לויט דער עצה פון גאָט, און די וואָס ציטערן איבער דעם געבאָט פון אונדזער גאָט, און זאָל געטאָן ווערן לויט דער תּורה. 4 שטיי אויף, וואָרום אויף דיר ליגט די זאַך, און מיר זיינען מיט דיר; זיי שטאַרק און טו.

5 איז עזרא אויפגעשטאַנען און האָט באַשוואָרן די האַרן פון די כּהנים, די לוִיִם, און גאַנץ ישׂראל, צו טאָן אַזוי ווי דאָסדאָזיקע וואָרט; און זיי האָבן געשוואָרן. 6 און עזרא איז אויפגעשטאַנען פון פאַר דעם הויז פון גאָט, און ער איז אַוועק אין דער קאַמער פון יהוֹחָנָן דעם זון פון אֶלְיָשִיבן; און אַז ער איז געקומען אַהין, האָט ער ניט געגעסן קיין ברויט, און ניט געטרונקען קיין וואַסער, וואָרום ער האָט געטרויערט אויף דער פעלשונג פון די גלות־לייט.

7 און מע האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויסרוף אין יהודה און ירוּשָלַיִם צו אַלע קינדער פון גלות, זיך אײַנצוזאַמלען קיין

ח וְכֹל אֲשֶׁר לֹא־יָבוֹא לִשְׁלֹשֶׁת הַיָּמִים כַּעֲצַת הַשָּׂרִים
וְהַזְּקֵנִים יָחֳרַם כָּל־רְכוּשׁוֹ וְהוּא יִבָּדֵל מִקְּהַל הַגּוֹלָה׃
ט וַיִּקָּבְצוּ כָל־אַנְשֵׁי יְהוּדָה וּבִנְיָמִן ׀ יְרוּשָׁלַ͏ִם לִשְׁלֹשֶׁת הַיָּמִים
הוּא חֹדֶשׁ הַתְּשִׁיעִי בְּעֶשְׂרִים בַּחֹדֶשׁ וַיֵּשְׁבוּ כָל־הָעָם
בִּרְחוֹב בֵּית הָאֱלֹהִים מַרְעִידִים עַל־הַדָּבָר וּמֵהַגְּשָׁמִים׃
י וַיָּקָם עֶזְרָא הַכֹּהֵן וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אַתֶּם מְעַלְתֶּם
יא וַתֹּשִׁיבוּ נָשִׁים נָכְרִיּוֹת לְהוֹסִיף עַל־אַשְׁמַת יִשְׂרָאֵל׃ וְעַתָּה
תְּנוּ תוֹדָה לַיהוָה אֱלֹהֵי־אֲבֹתֵיכֶם וַעֲשׂוּ רְצוֹנוֹ וְהִבָּדְלוּ
יב מֵעַמֵּי הָאָרֶץ וּמִן־הַנָּשִׁים הַנָּכְרִיּוֹת׃ וַיַּעֲנוּ כָל־הַקָּהָל
יג וַיֹּאמְרוּ קוֹל גָּדוֹל כֵּן כִּדְבָרְךָ עָלֵינוּ לַעֲשׂוֹת׃ אֲבָל הָעָם
רָב וְהָעֵת גְּשָׁמִים וְאֵין כֹּחַ לַעֲמוֹד בַּחוּץ וְהַמְּלָאכָה לֹא־
לְיוֹם אֶחָד וְלֹא לִשְׁנַיִם כִּי־הִרְבִּינוּ לִפְשֹׁעַ בַּדָּבָר הַזֶּה׃
יד יַעַמְדוּ־נָא שָׂרֵינוּ לְכָל־הַקָּהָל וְכֹל ׀ אֲשֶׁר בֶּעָרֵינוּ הַהֹשִׁיב
נָשִׁים נָכְרִיּוֹת יָבֹא לְעִתִּים מְזֻמָּנִים וְעִמָּהֶם זִקְנֵי־עִיר וָעִיר
וְשֹׁפְטֶיהָ עַד לְהָשִׁיב חֲרוֹן אַף־אֱלֹהֵינוּ מִמֶּנּוּ עַד לַדָּבָר
טו הַזֶּה׃ אַךְ יוֹנָתָן בֶּן־עֲשָׂהאֵל וְיַחְזְיָה בֶן־תִּקְוָה עָמְדוּ עַל־
טז זֹאת וּמְשֻׁלָּם וְשַׁבְּתַי הַלֵּוִי עֲזָרֻם׃ וַיַּעֲשׂוּ־כֵן בְּנֵי הַגּוֹלָה
וַיִּבָּדְלוּ עֶזְרָא הַכֹּהֵן אֲנָשִׁים רָאשֵׁי הָאָבוֹת לְבֵית אֲבֹתָם
וְכֻלָּם בְּשֵׁמוֹת וַיֵּשְׁבוּ בְּיוֹם אֶחָד לַחֹדֶשׁ הָעֲשִׂירִי לִדְרְיוֹשׁ
יז הַדָּבָר׃ וַיְכַלּוּ בַכֹּל אֲנָשִׁים הַהֹשִׁיבוּ נָשִׁים נָכְרִיּוֹת עַד
יח יוֹם אֶחָד לַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן׃ וַיִּמָּצֵא מִבְּנֵי הַכֹּהֲנִים
אֲשֶׁר הֹשִׁיבוּ נָשִׁים נָכְרִיּוֹת מִבְּנֵי יֵשׁוּעַ בֶּן־יוֹצָדָק וְאֶחָיו
יט מַעֲשֵׂיָה וֶאֱלִיעֶזֶר וְיָרִיב וּגְדַלְיָה׃ וַיִּתְּנוּ יָדָם לְהוֹצִיא
כ נְשֵׁיהֶם וַאֲשֵׁמִים אֵיל־צֹאן עַל־אַשְׁמָתָם׃ וּמִבְּנֵי אִמֵּר חֲנָנִי
כא וּזְבַדְיָה׃ וּמִבְּנֵי חָרִם מַעֲשֵׂיָה וְאֵלִיָּה וּשְׁמַעְיָה וִיחִיאֵל
כב וְעֻזִּיָּה׃ וּמִבְּנֵי פַּשְׁחוּר אֶלְיוֹעֵינַי מַעֲשֵׂיָה יִשְׁמָעֵאל נְתַנְאֵל
כג יוֹזָבָד וְאֶלְעָשָׂה׃ וּמִן־הַלְוִיִּם יוֹזָבָד וְשִׁמְעִי וְקֵלָיָה הוּא

יא׳ בס״א ישראל   יב׳ יתיר י׳   יג׳ קמץ בשטא   יד׳ בס״א בְּ׳

ירושָלַיִם; [8] און איטלעכער וואָס וועט ניט קומען אין דריי טעג, לויט דער עצה פון די האַרן און די עלטסטע, זאָל זיין גאַנצער פאַרמעג זיין חרם, און ער זאָל אָפּגעשיידט ווערן פון דער עדה פון גלות.

[9] האָבן זיך איינגעזאַמלט אַלע מענער פון יהודה און בנימין קיין ירושָלַיִם צום דריטן טאָג; דאָס איז געווען אין ניינטן חודש, אין צוואַנציקסטן טאָג אין חודש. און דאָס גאַנצע פאָלק איז געזעסן אויפן ברייטן פּלאַץ פון גאָטס הויז, ציטערנדיק איבער דער זאַך, און איבער די רעגנס. [10] און עזרא דער כּהן איז אויפגעשטאַנען, און האָט צו זיי געזאָגט: איר האָט געפעלשט און האָט גענומען פרעמדע ווייבער נאָך צוצולייגן צו דער שולד פון ישראל. [11] און אַצונד גיט אַ ווידוי צו יהוה דעם גאָט פון אייַערע עלטערן, און טוט זיין רצון, און שיידט אייַך אָפּ פון די פעלקער פון לאַנד, און פון די פרעמדע ווייבער. [12] האָט זיך אָפּגערופן די גאַנצע איינזאַמלונג און האָט געזאָגט אויף אַ הויכן קול: יאָ, אַזוי ווי דיין וואָרט איז פאַר אונדז צו טאָן. [13] אָבער דאָס פאָלק איז גרויס, און עס איז די צייט פון רעגנס, און ניטאָ קיין כּוח צו שטיין דרויסן, און די אַרבעט איז ניט אויף איין טאָג, און ניט אויף צוויי; וואָרום מיר האָבן פיל פאַרבראָכן אין דערדאָזיקער זאַך. [14] זאָלן אונדזערע האַרן זיך אָפּשטעלן פאַר דער גאַנצער איינזאַמלונג, און אַלע וואָס אין אונדזערע שטעט וואָס האָבן גענומען פרעמדע ווייבער, זאָלן קומען אין געשטעלטע צייטן, און מיט זיי די עלטסטע פון איטלעכער שטאָט און איר ריכטער, ביז מע וועט אָפּקערן פון אונדז דעם גרימצאָרן פון יהוה אונדזער גאָט וועגן דערדאָזיקער זאַך. [15] נאָר יונָתָן דער זון פון עֲשָׂהאֵלן, און יַחזְיָה דער זון פון תִּקוָהן, האָבן זיך געשטעלט אַקעגן דעם, און משולם, און שַבְּתַי דער לֵוִי, האָבן זיי צוגעהאָלפן. [16] און די קינדער פון גלות האָבן אַזוי געטאָן; און עזרא דער כּהן, און עטלעכע הויפּטן פון פאָטערהייזער, לויט זייערע פאָטערהייזער, און אַלע מיט נעמען, זיינען אָפּגעזונדערט געוואָרן, און זיי האָבן זיך געזעצט אין ערשטן טאָג פון צענטן חודש אויסצופאָרשן די זאַך. [17] און זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט אַלע מענער וואָס האָבן גענומען פרעמדע ווייבער, ביז דעם ערשטן טאָג פון ערשטן חודש.

[18] און עס זיינען געפונען געוואָרן צווישן די קינדער פון די כּהנים אַזעלכע וואָס האָבן גענומען פרעמדע ווייבער. פון די קינדער פון יֵשוּעַ דעם זון פון יוֹצָדָקן און זיינע ברידער: מַעֲשֵׂיָה, און אֱלִיעֶזֶר, און יָרִיב, און גְדַלְיָה. [19] און זיי האָבן געגעבן זייער האַנט אַוועקצושיקן זייערע ווייבער, און, ווי שולדיקע, [צו ברענגען] אַ ווידער פון שאָף פאַר זייער שולד. [20] און פון די קינדער פון אִמֵּר: חֲנָנִי, און זְבַדְיָה. [21] און פון די קינדער פון חָרִם: מַעֲשֵׂיָה, און אֵלִיָּה, און שְמַעְיָה, און יחיאֵל, און עוּזִיָה. [22] און פון די קינדער פון פַּשחוּר: אֶליוֹעֵינַי, מַעֲשֵׂיָה, יִשמָעֵאל, נְתַנאֵל, יוֹזָבָד, און אֶלעָשָׂה.

[23] און פון די לְוִיִים: יוֹזָבָד, און שִמעִי, און קֵלָיָה — דאָס איז קליטאָ — פּתחיָה, יהודה, און אֱליעֶזֶר.

[24] און פון די זינגערס: אֶלְיָשִיב. און פון די טויער־
לייט: שַלום, און טֶלֶם, און אורי.
[25] און פון ישׂראל: פון די קינדער פון פַּרעוֹש: רַמְיָה,
און יִזִיָה, און מַלכִּיָה, און מִיָמִן, און אֶלעָזָר, און מַלכִּיָה,
און בְּנָיָה. [26] און פון די קינדער פון עֵילָם: מַתַּנְיָה, זכַריָה,
און יחיאֵל, און עַבדי, און ירֵמות, און אֵליָה. [27] און פון די
קינדער פון זַתּוּא: אֶליוֹעֵנַי, אֶלְיָשִיב, מַתַּנְיָה, און ירֵמות,
און זָבָד, און עֲזיזָא. [28] און פון די קינדער פון בֵּבָי: יהוֹחָנָן,
חֲנַנְיָה, זַבַּי, עַתלָי. [29] און פון די קינדער פון בָּני: משוּלָם,
מַלוּך, און עֲדָיָה, יָשוב, און שְאָל, און רָמות. [30] און פון די
קינדער פון פַּחַת־מוֹאָב: עַדנָא, און כּלָל, בּנָיָה, מַעֲשֵׂיָה,
מַתַּנְיָה, בּצַלאֵל, און בִּנוּי, און מנשה. [31] און די קינדער פון
חָרִם: אֱליעֶזֶר, יִשִיָה, מַלכִּיָה, שמַעיָה, שמעון; [32] בנימין,
מַלוּך, שמַריָה. [33] פון די קינדער פון חָשום: מַתּנַי, מַתַּתָּה,
זָבָד, אֱליפֶלֶט, ירֵמַי, מנשה, שִמעי. [34] פון די קינדער פון
בָּני: מַעֲדַי, עַמרָם, און אוּאֵל; [35] בּנָיָה, בֵּדיָה, כּלוּהוּ;
[36] וַנְיָה, מרֵמות, אֶלְיָשִיב; [37] מַתַּנְיָה, מַתּנַי, און יַעֲשָׂי; [38] און
בָּני, און בִּנוּי, שִמעי, [39] און שֶלֶמיָה, און נָתָן, און עֲדָיָה;
[40] מַכנַדבַי, שָשַי, שָרַי; [41] עֲזַראֵל, און שֶלֶמְיָהוּ, שמַריָה,
[42] שַלום, אֲמַריָה, יוֹסף. [43] פון די קינדער פון נבוֹ: יעִיאֵל, מַתִּתיָה, זָבָד, זבינָא, יַדַי, און יוֹאֵל, [און] בּנָיָה.
[44] די אַלע האָבן גענומען פרעמדע ווייבער, און טייל פון זיי ווייבער מיט וועמען זיי האָבן געהאַט קינדער.

כד קְלִיטָא פְּתַחְיָה יְהוּדָה וֶאֱלִיעֶזֶר׃ וּמִן־הַמְשֹׁרְרִים אֶלְיָשִׁיב
כה וּמִן־הַשֹּׁעֲרִים שַׁלֻּם וָטֶלֶם וְאוּרִי׃ וּמִיִּשְׂרָאֵל מִבְּנֵי פַרְעֹשׁ
רַמְיָה וְיִזִּיָּה וּמַלְכִּיָּה וּמִיָּמִן וְאֶלְעָזָר וּמַלְכִּיָּה וּבְנָיָה׃
כו וּמִבְּנֵי עֵילָם מַתַּנְיָה זְכַרְיָה וִיחִיאֵל וְעַבְדִּי וִירֵמוֹת וְאֵלִיָּה׃
כז וּמִבְּנֵי זַתּוּא אֶלְיוֹעֵנַי אֶלְיָשִׁיב מַתַּנְיָה וִירֵמוֹת וְזָבָד
כח כט וַעֲזִיזָא׃ וּמִבְּנֵי בֵּבָי יְהוֹחָנָן חֲנַנְיָה זַבַּי עַתְלָי׃ וּמִבְּנֵי בָּנִי
ל מְשֻׁלָּם מַלּוּךְ וַעֲדָיָה יָשׁוּב וּשְׁאָל יְרָמוֹת׃ וּמִבְּנֵי פַּחַת
מוֹאָב עַדְנָא וּכְלָל בְּנָיָה מַעֲשֵׂיָה מַתַּנְיָה בְּצַלְאֵל וּבִנּוּי
לא וּמְנַשֶּׁה׃ וּבְנֵי חָרִם אֱלִיעֶזֶר יִשִּׁיָּה מַלְכִּיָּה שְׁמַעְיָה שִׁמְעוֹן׃
לב לג בִּנְיָמִן מַלּוּךְ שְׁמַרְיָה׃ מִבְּנֵי חָשֻׁם מַתְּנַי מַתַּתָּה זָבָד
לד אֱלִיפֶלֶט יְרֵמַי מְנַשֶּׁה שִׁמְעִי׃ מִבְּנֵי בָנִי מַעֲדַי עַמְרָם
לה לו וְאוּאֵל׃ בְּנָיָה בֵדְיָה כלוהי׃ וַנְיָה מְרֵמוֹת אֶלְיָשִׁיב׃
לז לח לט מַתַּנְיָה מַתְּנַי ויעשו׃ וּבָנִי וּבִנּוּי שִׁמְעִי׃ וְשֶׁלֶמְיָה וְנָתָן
מ מא וַעֲדָיָה׃ מַכְנַדְבַי שָׁשַׁי שָׁרָי׃ עֲזַרְאֵל וְשֶׁלֶמְיָהוּ שְׁמַרְיָה׃
מב מג שַׁלּוּם אֲמַרְיָה יוֹסֵף׃ מִבְּנֵי נְבוֹ יְעִיאֵל מַתִּתְיָה זָבָד זְבִינָא
מד ידו וְיוֹאֵל בְּנָיָה׃ כָּל־אֵלֶּה נשאי נָשִׁים נָכְרִיּוֹת וְיֵשׁ מֵהֶם
נָשִׁים וַיָּשִׂימוּ בָּנִים׃

כט׳ ורמות קרי בס״א לה׳ כלוהו קרי וְיֵשׁ ובס״א וַיֵּשׁ לז׳ ויעשי קרי מג׳ ידי קרי מד׳ נשאו קרי

# נְחֶמְיָה

 1 די ווערטער פון נחֶמְיָה דעם זון פון חֲכַלְיָהן.

דִּבְרֵי נְחֶמְיָה בֶּן־חֲכַלְיָה וַיְהִי בְחֹדֶשׁ כִּסְלֵו שְׁנַת עֶשְׂרִים א
וַאֲנִי הָיִיתִי בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה׃ וַיָּבֹא חֲנָנִי אֶחָד מֵאַחַי הוּא ב
וַאֲנָשִׁים מִיהוּדָה וָאֶשְׁאָלֵם עַל־הַיְּהוּדִים הַפְּלֵיטָה אֲשֶׁר־
נִשְׁאֲרוּ מִן־הַשֶּׁבִי וְעַל־יְרוּשָׁלִָם׃ וַיֹּאמְרוּ לִי הַנִּשְׁאָרִים ג
אֲשֶׁר־נִשְׁאֲרוּ מִן־הַשְּׁבִי שָׁם בַּמְּדִינָה בְּרָעָה גְדֹלָה וּבְחֶרְפָּה
וְחוֹמַת יְרוּשָׁלִַם מְפֹרָצֶת וּשְׁעָרֶיהָ נִצְּתוּ בָאֵשׁ׃ וַיְהִי ד
כְּשָׁמְעִי ׀ אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה יָשַׁבְתִּי וָאֶבְכֶּה וָאֶתְאַבְּלָה
יָמִים וָאֱהִי־צָם וּמִתְפַּלֵּל לִפְנֵי אֱלֹהֵי הַשָּׁמָיִם׃ וָאֹמַר ה
אָנָּא יְהוָה אֱלֹהֵי הַשָּׁמַיִם הָאֵל הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא שֹׁמֵר הַבְּרִית
וָחֶסֶד לְאֹהֲבָיו וּלְשֹׁמְרֵי מִצְוֺתָיו׃ תְּהִי־נָא אָזְנְךָ קַשֶּׁבֶת ו
וְעֵינֶיךָ פְתוּחוֹת לִשְׁמֹעַ אֶל־תְּפִלַּת עַבְדְּךָ אֲשֶׁר אָנֹכִי
מִתְפַּלֵּל לְפָנֶיךָ הַיּוֹם יוֹמָם וָלַיְלָה עַל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדֶיךָ
וּמִתְוַדֶּה עַל־חַטֹּאות בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר חָטָאנוּ לָךְ וַאֲנִי
וּבֵית־אָבִי חָטָאנוּ׃ חֲבֹל חָבַלְנוּ לָךְ וְלֹא־שָׁמַרְנוּ אֶת־ ז
הַמִּצְוֺת וְאֶת־הַחֻקִּים וְאֶת־הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר צִוִּיתָ אֶת־מֹשֶׁה
עַבְדֶּךָ׃ זְכָר־נָא אֶת־הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוִּיתָ אֶת־מֹשֶׁה עַבְדְּךָ ח
לֵאמֹר אַתֶּם תִּמְעָלוּ אֲנִי אָפִיץ אֶתְכֶם בָּעַמִּים׃ וְשַׁבְתֶּם ט
אֵלַי וּשְׁמַרְתֶּם מִצְוֺתַי וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם אִם־יִהְיֶה נִדַּחֲכֶם
בִּקְצֵה הַשָּׁמַיִם מִשָּׁם אֲקַבְּצֵם וַהֲבִיאוֹתִים אֶל־הַמָּקוֹם
אֲשֶׁר בָּחַרְתִּי לְשַׁכֵּן אֶת־שְׁמִי שָׁם׃ וְהֵם עֲבָדֶיךָ וְעַמֶּךָ י

ג׳ קמץ בז״ק

עס איז געווען אין חודש כִּסלֵו אין צוואַנציקסטן יאָר, בעת איך בין געווען אין דער הויפּטשטאָט שושַן, 2 איז געקומען חֲנָני, איינער פון מיינע ברידער, ער און [אַנדערע] מענער פון יהודה, און איך האָב זיי געפרעגט וועגן די ייִדן, די אַנטרונענע וואָס זיינען געבליבן פון דער געפאַנגענשאַפט, און וועגן ירושָלַיִם. 3 האָבן זיי צו מיר געזאָגט: די געבליבענע וואָס זיינען געבליבן פון דער גע־פאַנגענשאַפט דאָרטן אין דער מדינה, זיינען אין גרויס אומגליק און אין שאַנד, און די מויער פון ירושָלַיִם איז אײַנגעבראָכן, און אירע טויערן זיינען פאַרברענט אין פייער. 4 איז, ווי איך האָב געהערט דידאָזיקע ווערטער, אַזוי האָב איך זיך געזעצט און האָב געוויינט און האָב טעג געטרויערט, און איך האָב געפאַסט און האָב מתפלל גע־ווען פאַר דעם גאָט פון הימל. 5 און איך האָב געזאָגט: איך בעט דיך, יהוה, גאָט פון די הימלען, גרויסער און פאָרכטיקער גאָט, וואָס היט דעם בונד און די גענאָד צו די וואָס האָבן אים ליב, און צו די וואָס היטן זיינע געבאָט. 6 זאָל, איך בעט דיך, דיין אויער זיין פאַרנעמיק, און דיינע אויגן אָפן, צוצוהערן צו דער תפילה פון דיין קנעכט וואָס איך בין מתפלל פאַר דיר אַצונד טאָג און נאַכט פון וועגן די קינדער פון ישׂראל, דיינע קנעכט, און בין זיך מתוודה אויף די זינד פון די קינדער פון ישׂראל, וואָס מיר האָבן צו דיר געזינדיקט; יאָ, איך און דאָס הויז פון מיין פאָטער האָבן געזינדיקט. 7 פאַרדאָרבן זיינען מיר געווען פאַרדאָרבן אַקעגן דיר, און מיר האָבן ניט געהיט די געבאָט און די חוקים און די געזעצן וואָס דו האָסט באַפוילן דיין קנעכט משהן. 8 דערמאָן זיך, איך בעט דיך, דאָס וואָרט וואָס דו האָסט אָנגעזאָגט דיין קנעכט משהן, אַזוי צו זאָגן: „וועט איר פעלשן, וועל איך אײַך צעשפּרייטן צווישן די פעלקער. 9 אָבער אַז איר וועט אײַך אומקערן צו מיר, און היטן מיינע געבאָט און זיי טאָן, מעגן אײַערע פאַרשטויסענע זיין אין עק הימל, וועל איך פון דאָרטן זיי אײַנזאַמלען, און וועל זיי ברענגען אין דעם אָרט וואָס איך האָב אויסדערוויילט צו מאַכן רוען מיין נאָמען דאָרטן". 10 זיי זיינען דאָך דיינע קנעכט און דיין פאָלק

וואָס דו האָסט אויסגעלייזט מיט דיין גרויס שטאַרקייט,
און מיט דיין מאַכטיקער האַנט. 11 איך בעט דיך, גאָט,
זאָל נון דיין אויער זיין פאַרנעמיק צו דער תּפילה פון דיין
קנעכט, און צו דער תּפילה פון דיינע קנעכט וואָס ווילן
פאָרכטן דיין נאָמען, און באַגליק, איך בעט דיך, היינט
דיין קנעכט, און גיב אים דערבאַרימונג ביי דעמדאָזיקן
מאַן.

און איך בין געווען אַ טראַנקמייסטער ביים מלך.

ב 1 און עס איז געווען אין חודש ניסן, אין צוואַנציקסטן
יאָר פון מלך אַרתּחשסתּא, איז וויין געווען פאַר אים,
און איך האָב גענומען דעם וויין, און האָב דערלאַנגט דעם
מלך. און איך בין קיינמאָל פריער ניט געווען טרויעריק
פאַר אים. 2 האָט דער מלך צו מיר געזאָגט: פאַרוואָס
איז דיין פּנים טרויעריק, אַז קראַנק ביסטו ניט? דאָס איז
ניט אַנדערש סיידן אַ טרויערקייט פון האַרצן. האָב איך
זייער שטאַרק מורא געהאַט. 3 און איך האָב געזאָגט צום
מלך: אייביק לעבן זאָל דער מלך! פאַרוואָס זאָל מיין
פּנים ניט זיין טרויעריק, אַז די שטאָט, דער אָרט פון מיינע
עלטערנס קברים, איז חרב, און אירע טויערן זיינען פאַר־
צערט פון פייער? 4 האָט דער מלך צו מיר געזאָגט: וואָס
פאַרלאַנגסטו דען? האָב איך מתפּלל געווען צום גאָט פון
הימל. 5 און איך האָב געזאָגט צום מלך: אויב דעם מלך
איז ווױלגעפעלן, און אויב דיין קנעכט איז ווױלגעפעלן
פאַר דיר, אַז דו זאָלסט מיך לאָזן גיין קיין יהודה צו דער
שטאָט פון מיינע עלטערנס קברים, אַז איך זאָל זי אָפּ־
בויען. 6 האָט דער מלך צו מיר געזאָגט — און די מלכּה איז געזעסן לעבן אים —: אויף ביז וואַנען וועט זיין דיין גיין? און
ווען וועסטו זיך אומקערן? און עס איז ווױלגעפעלן פאַר דעם מלך, און ער האָט מיך געלאָזט גיין, אַז איך האָב אים גע־
געבן אַ צייט. 7 און איך האָב געזאָגט צום מלך: אויב דעם מלך איז ווױלגעפעלן, זאָל מען מיר געבן בריוו צו די פירשטן
פון יענער זייט טייך, אַז זיי זאָלן מיך לאָזן דורכגיין, ביז איך וועל קומען קיין יהודה; 8 און אַ בריוו צו אָסף דעם
היטער פון מלכס בוימגאָרטן, אַז ער זאָל מיר געבן האָלץ אויף צו לייגן באַלקנס אויף די טויערן פון דער פעסטונג
וואָס צום הויז, און פאַר דער שטאָטמויער, און פאַר דעם הויז, וואָס איך וועל קומען צו אים. און דער מלך האָט מיר
געגעבן לויט דער גוטער האַנט פון מיין גאָט אויף מיר.

9 און איך בין געקומען צו די פירשטן פון יענער זייט טייך, און האָב זיי געגעבן די בריוו פון מלך; און דער מלך
האָט געשיקט מיט מיר עלצטע, פון חיל, און רייטער. 10 האָט דערהערט סנבלט דער חורוני, און טוביה דער עמונישער
קנעכט, און זיי האָט פאַרדראָסן אַ גרויס פאַרדראָס וואָס אַ מענטש איז געקומען זוכן גוטס פאַר די קינדער פון ישראל.

11 און איך בין געקומען קיין ירושלים, און בין דאָרטן געווען דריי טעג. 12 און איך בין אויפגעשטאַנען ביי נאַכט, איך

יא אֲשֶׁר פָּדִיתָ בְּכֹחֲךָ הַגָּדוֹל וּבְיָדְךָ הַחֲזָקָה׃ אָנָּא אֲדֹנָי
תְּהִי־נָא אָזְנְךָ קַשֶּׁבֶת אֶל־תְּפִלַּת עַבְדְּךָ וְאֶל־תְּפִלַּת
עֲבָדֶיךָ הַחֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת־שְׁמֶךָ וְהַצְלִיחָה נָּא לְעַבְדְּךָ
הַיּוֹם וּתְנֵהוּ לְרַחֲמִים לִפְנֵי הָאִישׁ הַזֶּה וַאֲנִי הָיִיתִי מַשְׁקֶה
לַמֶּלֶךְ׃

ב

א וַיְהִי ׀ בְּחֹדֶשׁ נִיסָן שְׁנַת עֶשְׂרִים לְאַרְתַּחְשַׁסְתְּא הַמֶּלֶךְ
יַיִן לְפָנָיו וָאֶשָּׂא אֶת־הַיַּיִן וָאֶתְּנָה לַמֶּלֶךְ וְלֹא־הָיִיתִי רַע
ב לְפָנָיו׃ וַיֹּאמֶר לִי הַמֶּלֶךְ מַדּוּעַ ׀ פָּנֶיךָ רָעִים וְאַתָּה אֵינְךָ
ג חוֹלֶה אֵין זֶה כִּי־אִם רֹעַ לֵב וָאִירָא הַרְבֵּה מְאֹד׃ וָאֹמַר
לַמֶּלֶךְ הַמֶּלֶךְ לְעוֹלָם יִחְיֶה מַדּוּעַ לֹא־יֵרְעוּ פָנַי אֲשֶׁר הָעִיר
ד בֵּית־קִבְרוֹת אֲבֹתַי חֲרֵבָה וּשְׁעָרֶיהָ אֻכְּלוּ בָאֵשׁ׃ וַיֹּאמֶר
לִי הַמֶּלֶךְ עַל־מַה־זֶּה אַתָּה מְבַקֵּשׁ וָאֶתְפַּלֵּל אֶל־אֱלֹהֵי
ה הַשָּׁמָיִם׃ וָאֹמַר לַמֶּלֶךְ אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב וְאִם־יִיטַב
עַבְדְּךָ לְפָנֶיךָ אֲשֶׁר תִּשְׁלָחֵנִי אֶל־יְהוּדָה אֶל־עִיר קִבְרוֹת
ו אֲבֹתַי וְאֶבְנֶנָּה׃ וַיֹּאמֶר לִי הַמֶּלֶךְ וְהַשֵּׁגַל ׀ יוֹשֶׁבֶת אֶצְלוֹ
עַד־מָתַי יִהְיֶה מַהֲלָכְךָ וּמָתַי תָּשׁוּב וַיִּיטַב לִפְנֵי־הַמֶּלֶךְ
ז וַיִּשְׁלָחֵנִי וָאֶתְּנָה לוֹ זְמָן׃ וָאוֹמַר לַמֶּלֶךְ אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ
טוֹב אִגְּרוֹת יִתְּנוּ־לִי עַל־פַּחֲווֹת עֵבֶר הַנָּהָר אֲשֶׁר יַעֲבִירוּנִי
ח עַד אֲשֶׁר־אָבוֹא אֶל־יְהוּדָה׃ וְאִגֶּרֶת אֶל־אָסָף שֹׁמֵר
הַפַּרְדֵּס אֲשֶׁר לַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר יִתֶּן־לִי עֵצִים לְקָרוֹת אֶת־
שַׁעֲרֵי הַבִּירָה אֲשֶׁר־לַבַּיִת וּלְחוֹמַת הָעִיר וְלַבַּיִת אֲשֶׁר־
ט אָבוֹא אֵלָיו וַיִּתֶּן־לִי הַמֶּלֶךְ כְּיַד־אֱלֹהַי הַטּוֹבָה עָלָי׃ וָאָבוֹא
אֶל־פַּחֲווֹת עֵבֶר הַנָּהָר וָאֶתְּנָה לָהֶם אֵת אִגְּרוֹת הַמֶּלֶךְ
י וַיִּשְׁלַח עִמִּי הַמֶּלֶךְ שָׂרֵי חַיִל וּפָרָשִׁים׃ וַיִּשְׁמַע
סַנְבַלַּט הַחֹרֹנִי וְטוֹבִיָּה הָעֶבֶד הָעַמֹּנִי וַיֵּרַע לָהֶם רָעָה
יא גְדֹלָה אֲשֶׁר־בָּא אָדָם לְבַקֵּשׁ טוֹבָה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וָאָבוֹא
יב אֶל־יְרוּשָׁלָ͏ִם וָאֱהִי־שָׁם יָמִים שְׁלֹשָׁה׃ וָאָקוּם ׀ לַיְלָה אֲנִי

ב, י׳ בס״א הב׳ דגושה, וכן בכל המקומות

וַאֲנָשִׁים ׀ מְעַט עִמִּי וְלֹא־הִגַּדְתִּי לְאָדָם מָה אֱלֹהַי נֹתֵן
אֶל־לִבִּי לַעֲשׂוֹת לִירוּשָׁלִָם וּבְהֵמָה אֵין עִמִּי כִּי אִם־
הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר אֲנִי רֹכֵב בָּהּ׃ וָאֵצְאָה בְשַׁעַר־הַגַּיְא לַיְלָה יג
וְאֶל־פְּנֵי עֵין הַתַּנִּין וְאֶל־שַׁעַר הָאַשְׁפֹּת וָאֱהִי שֹׂבֵר בְּחוֹמֹת
יְרוּשָׁלִַם אֲשֶׁר־הֵמ ׀ פְּרוּצִים וּשְׁעָרֶיהָ אֻכְּלוּ בָאֵשׁ׃ וָאֶעֱבֹר יד
אֶל־שַׁעַר הָעַיִן וְאֶל־בְּרֵכַת הַמֶּלֶךְ וְאֵין־מָקוֹם לַבְּהֵמָה
לַעֲבֹר תַּחְתָּי׃ וָאֱהִי עֹלֶה בַנַּחַל לַיְלָה וָאֱהִי שֹׂבֵר בַּחוֹמָה טו
וָאָשׁוּב וָאָבוֹא בְּשַׁעַר הַגַּיְא וָאָשׁוּב׃ וְהַסְּגָנִים לֹא יָדְעוּ טז
אָנָה הָלַכְתִּי וּמָה אֲנִי עֹשֶׂה וְלַיְּהוּדִים וְלַכֹּהֲנִים וְלַחֹרִים
וְלַסְּגָנִים וּלְיֶתֶר עֹשֵׂה הַמְּלָאכָה עַד־כֵּן לֹא הִגַּדְתִּי׃ וָאוֹמַר יז
אֲלֵהֶם אַתֶּם רֹאִים הָרָעָה אֲשֶׁר אֲנַחְנוּ בָהּ אֲשֶׁר יְרוּשָׁלִַם
חֲרֵבָה וּשְׁעָרֶיהָ נִצְּתוּ בָאֵשׁ לְכוּ וְנִבְנֶה אֶת־חוֹמַת יְרוּשָׁלִַם
וְלֹא־נִהְיֶה עוֹד חֶרְפָּה׃ וָאַגִּיד לָהֶם אֶת־יַד אֱלֹהַי אֲשֶׁר־ יח
הִיא טוֹבָה עָלַי וְאַף־דִּבְרֵי הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר אָמַר־לִי וַיֹּאמְרוּ
נָקוּם וּבָנִינוּ וַיְחַזְּקוּ יְדֵיהֶם לַטּוֹבָה׃ וַיִּשְׁמַע סַנְבַלַּט יט
הַחֹרֹנִי וְטֹבִיָּה ׀ הָעֶבֶד הָעַמּוֹנִי וְגֶשֶׁם הָעַרְבִי וַיַּלְעִגוּ לָנוּ
וַיִּבְזוּ עָלֵינוּ וַיֹּאמְרוּ מָה־הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר אַתֶּם עֹשִׂים
הַעַל הַמֶּלֶךְ אַתֶּם מֹרְדִים׃ וָאָשִׁיב אוֹתָם דָּבָר וָאוֹמַר לָהֶם כ
אֱלֹהֵי הַשָּׁמַיִם הוּא יַצְלִיחַ לָנוּ וַאֲנַחְנוּ עֲבָדָיו נָקוּם וּבָנִינוּ
וְלָכֶם אֵין־חֵלֶק וּצְדָקָה וְזִכָּרוֹן בִּירוּשָׁלִָם׃

ג

וַיָּקָם אֶלְיָשִׁיב הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל וְאֶחָיו הַכֹּהֲנִים וַיִּבְנוּ אֶת־ א
שַׁעַר הַצֹּאן הֵמָּה קִדְּשׁוּהוּ וַיַּעֲמִידוּ דַּלְתֹתָיו וְעַד־מִגְדַּל
הַמֵּאָה קִדְּשׁוּהוּ עַד מִגְדַּל חֲנַנְאֵל׃ וְעַל־יָדוֹ בָנוּ אַנְשֵׁי ב
יְרֵחוֹ וְעַל־יָדוֹ בָּנָה זַכּוּר בֶּן־אִמְרִי׃ וְאֵת שַׁעַר הַדָּגִים בָּנוּ ג
בְּנֵי הַסְּנָאָה הֵמָּה קֵרוּהוּ וַיַּעֲמִידוּ דַּלְתֹתָיו מַנְעוּלָיו וּבְרִיחָיו׃
וְעַל־יָדָם הֶחֱזִיק מְרֵמוֹת בֶּן־אוּרִיָּה בֶּן־הַקּוֹץ וְעַל־יָדָם ד

ב, יג׳ הַסוֹפ׳ קרי   טז׳ פתח בס״ס

און עטלעכע מענער מיט מיר; און איך האָב ניט דערציילט קיין מענטשן וואָס מיין גאָט האָט אַרייַנגעגעבן אין מיין האַרצן צו טאָן אין ירושָׁלַיִם; און קיין בהמה האָב איך מיט מיר ניט געהאַט, אַחוץ די בהמה וואָס איך בין אויף איר געריטן. [13] און איך בין אַרויס דורך דעם טויער פון טאָל ביי נאַכט, און אַקעגן דעם שלאַנגענקוואַל, און צו דעם מיסטטויער, און איך האָב באַטראַכט די מויערן פון ירושָׁלַיִם וואָס זיינען געווען אַיינגעבראָכן, און אירע טויערן וואָס זיינען געווען פאַרצערט פון פייער. [14] און איך בין אַריבערגעגאַנגען צום קוואַלטויער, און צום מלכס באַך; אָבער עס איז ניט געווען אָרט גענוג פאַר דער בהמה אונטער מיר דורכצוגיין. [15] און איך בין אַרויפגעגאַנגען דורכן טאָל אין דער נאַכט, און האָב באַטראַכט די מויער; און איך האָב זיך אומגעקערט און בין געקומען צום טויער פון טאָל, און האָב זיך צוריקגעקערט. [16] און די פאָרשטייער האָבן ניט געוווּסט וווהין איך בין געגאַנגען, און וואָס איך טו, וואָרום די ייִדן, און די כּהנים, און די אַדל־לייט, און די פאָרשטייער, און די איבעריקע וואָס האָבן געטאָן די אַרבעט, האָב איך ביז אַהער גאָרנישט דערציילט.

[17] און איך האָב צו זיי געזאָגט: איר זעט אין וואָס פאַר אַן אומגליק מיר זיינען, אַז ירושָׁלַיִם איז חָרב, און אירע טויערן זיינען פאַרברענט פון פייער; קומט און לאָמיר אָפּבויען די מויער פון ירושָׁלַיִם, אַז מיר זאָלן מער ניט זיין צו שאַנד. [18] און איך האָב זיי דערציילט וועגן דער האַנט פון מיין גאָט וואָס איז געווען גוט אויף מיר, און אויך די ווערטער פון מלך וואָס ער האָט מיר געזאָגט. האָבן זיי געזאָגט: לאָמיר אויפשטיין און בויען. און זיי האָבן געשטאַרקט זייערע הענט צום גוטן.

[19] האָט דערהערט סַנבַלַט דער חוֹרוֹני, און טוֹבִיָה דער עַמוֹנישער קנעכט, און גֶשֶם דער אַראַבער, און זיי האָבן געשפּעט פון אונדז, און האָבן אונדז מבזה געווען, און האָבן געזאָגט: וואָס איז דידאָזיקע זאַך וואָס איר טוט? ווילט איר קעגן דעם מלך ווידערשפּעניקן? [20] האָב איך זיי געגעבן אַן ענטפער און האָב צו זיי געזאָגט: דער גאָט פון הימל, ער וועט אונדז באַגליקן, און מיר זיינע קנעכט וועלן אויפשטיין און וועלן בויען; און איר האָט ניט קיין חלק און קיין רעכט און קיין געדעכעניש אין ירושָׁלַיִם.

ג [1] און אֶליָשיב דער כּהן־גָדול און זיינע ברידער די כּהנים זיינען אויפגעשטאַנען און האָבן אויפגעבויט דעם שאָף־טויער; זיי האָבן אים געהייליקט, און אַריינגעשטעלט זיינע טירן; און ביז צום טורעם הַמֵאָה האָבן זיי אים גע־הייליקט, ביז צום טורעם חֲנַנאֵל. [2] און לעבן אים האָבן געבויט די מענער פון יריחוֹ. און לעבן דעם האָט געבויט זַכּור דער זון פון אִמרין. [3] און דעם פישטויער האָבן געבויט די זין פון הַסנָאָהן; זיי האָבן געלייגט זיינע באַלקנס, און אַריינגעשטעלט זיינע טירן, זיינע שלעסער, און זיינע ריגלען. [4] און לעבן זיי האָט פאַרריכט מְרֵמוֹת דער זון פון אוּרִיָה דעם זון

פון הַקוֹצן. און לעבן זיי האָט פאַרריכט משוּלָם דער זון
פון בֶּרֶכְיָה דעם זון פון מְשֵׁיזַבְאֵלן. און לעבן זיי האָט פאַר־
ריכט צָדוֹק דער זון פון בַּעֲנאָן. 5 און לעבן זיי האָבן
פאַרריכט די תּקוֹעִים; אָבער זייערע גרויסע לייט האָבן
ניט אַריינגעטאָן זייער נאַקן אין דעם דינסט פון זייער האַר.
6 און דעם אַלטן טויער האָט פאַרריכט יוֹיָדָע דער זון פון
פָּסֵחַן, און משוּלָם דער זון פון בּסוֹדְיָהן; זיי האָבן געלייגט
זיינע באַלקנס, און אַריינגעשטעלט זיינע טירן און זיינע
שלעסער און זיינע ריגלען. 7 און לעבן זיי האָט פאַרריכט
מְלַטְיָה דער גִבְעוֹני, און יָדוֹן דער מרוֹנוֹתי, די מענטשן
פון גִבְעוֹן און פון מִצפָּה, וואָס האָבן געהערט צו דעם
טראָן פון דעם פירשט פון יענער זייט טייך. 8 און לעבן
דעם האָט פאַרריכט עוזיאֵל דער זון פון חַרהַיָהן, פון די
גאָלדשמידן; און לעבן אים האָט פאַרריכט חֲנַנְיָה, אַ זון
פון די בשׂמים־מאַכער; און זיי האָבן באַפעסטיקט
ירוּשָׁלַיִם ביז דער ברייטער מויער. 9 און לעבן זיי האָט
פאַרריכט רפָיָה דער זון פון חוּרן, דער האַר פון אַ האַל־
בער געגנט פון ירוּשָׁלַיִם. 10 און לעבן זיי האָט פאַרריכט
ידָיָה דער זון פון חֲרוּמַפן, אַקעגן זיין הויז. און לעבן אים
האָט פאַרריכט חַטוּש דער זון פון חֲשַׁבנְיָהן. 11 אַ צווייטע
שטרעק האָט פאַרריכט מַלכִּיָה דער זון פון חָרִמען, און
חַשוּב דער זון פון פַּחַת־מוֹאָבן; אויך דעם טורעם פון די
אויוונס. 12 און לעבן דעם האָט פאַרריכט שַׁלוּם דער זון
פון הַלוֹחֵשן, דער האַר פון אַ האַלבער געגנט פון ירוּשָׁלַיִם,
ער און זיינע טעכטער. 13 דעם טויער פון טאָל האָט פאַרריכט חָנוּן, און די באַוווינער פון זָנוֹחַ; זיי האָבן אים
געבויט, און אַריינגעשטעלט זיינע טירן, זיינע שלעסער, און זיינע ריגלען; אויך טויזנט איילן פון דער מויער ביז דעם
מיסטטויער. 14 און דעם מיסטטויער האָט פאַרריכט מַלכִּיָה דער זון פון רֵכָבן, דער האַר פון דער געגנט פון בֵּית־כֶּרֶם;
ער האָט אים געבויט, און אַריינגעשטעלט זיינע טירן, זיינע שלעסער, און זיינע ריגלען. 15 און דעם קוואַלטויער האָט
פאַרריכט שַׁלוּן דער זון פון כָּל־חוֹזֶהן, דער האַר פון דער געגנט פון מִצפָּה; ער האָט אים געבויט, און אים צוגעדעקט,
און אַריינגעשטעלט זיינע טירן, זיינע שלעסער, און זיינע ריגלען; אויך די מויער פון דעם טייך פון שֶׁלַח ביים גאָרטן פון
מלך, און ביז די טרעפ וואָס נידערן אַראָפּ פון דודס־שטאָט. 16 נאָך אים האָט פאַרריכט נחֶמְיָה דער זון פון עַזבּוּקן,
דער האַר פון אַ האַלבער געגנט פון בֵּית־צוּר, ביז אַקעגן די קברים פון דוד, און ביז דעם געמאַכטן טייך, און ביז צום הויז
פון די גיבוֹרים. 17 נאָך אים האָבן פאַרריכט די לוִיִים, רחוּם דער זון פון בָּנִין. לעבן אים האָט פאַרריכט חֲשַׁבְיָה דער
האַר פון אַ האַלבער געגנט פון קעִילָה, פאַר זיין געגנט. 18 נאָך אים האָבן פאַרריכט זייערע ברידער, בַּוַי דער זון פון חֵנָדָדן,
דער האַר פון אַ האַלבער געגנט פון קעִילָה. 19 און לעבן אים האָט פאַרריכט עֵזֶר, דער זון פון יֵשׁוּעַן, דער האַר פון

הֶחֱזִיק מְשֻׁלָּם בֶּן־בֶּרֶכְיָה בֶּן־מְשֵׁיזַבְאֵל וְעַל־יָדָם הֶחֱזִיק
ה צָדוֹק בֶּן־בַּעֲנָא׃ וְעַל־יָדָם הֶחֱזִיקוּ הַתְּקוֹעִים וְאַדִּירֵיהֶם
ו לֹא־הֵבִיאוּ צַוָּרָם בַּעֲבֹדַת אֲדֹנֵיהֶם׃ וְאֶת שַׁעַר הַיְשָׁנָה
הֶחֱזִיקוּ יוֹיָדָע בֶּן־פָּסֵחַ וּמְשֻׁלָּם בֶּן־בְּסוֹדְיָה הֵמָּה קֵרוּהוּ
ז וַיַּעֲמִידוּ דַּלְתֹתָיו וּמַנְעֻלָיו וּבְרִיחָיו׃ וְעַל־יָדָם הֶחֱזִיק
מְלַטְיָה הַגִּבְעֹנִי וְיָדוֹן הַמֵּרֹנֹתִי אַנְשֵׁי גִבְעוֹן וְהַמִּצְפָּה לְכִסֵּא
ח פַּחַת עֵבֶר הַנָּהָר׃ עַל־יָדוֹ הֶחֱזִיק עֻזִּיאֵל בֶּן־חַרְהֲיָה
צוֹרְפִים וְעַל־יָדוֹ הֶחֱזִיק חֲנַנְיָה בֶּן־הָרַקָּחִים וַיַּעַזְבוּ יְרוּשָׁלִַם
ט עַד הַחוֹמָה הָרְחָבָה׃ וְעַל־יָדָם הֶחֱזִיק רְפָיָה בֶן־חוּר שַׂר
י חֲצִי פֶּלֶךְ יְרוּשָׁלִָם׃ וְעַל־יָדָם הֶחֱזִיק יְדָיָה בֶן־חֲרוּמַף
יא וְנֶגֶד בֵּיתוֹ וְעַל־יָדוֹ הֶחֱזִיק חַטּוּשׁ בֶּן־חֲשַׁבְנְיָה׃ מִדָּה
שֵׁנִית הֶחֱזִיק מַלְכִּיָּה בֶן־חָרִם וְחַשּׁוּב בֶּן־פַּחַת מוֹאָב וְאֵת
יב מִגְדַּל הַתַּנּוּרִים׃ וְעַל־יָדוֹ הֶחֱזִיק שַׁלּוּם בֶּן־הַלּוֹחֵשׁ שַׂר
יג חֲצִי פֶּלֶךְ יְרוּשָׁלִָם הוּא וּבְנוֹתָיו׃ אֵת שַׁעַר הַגַּיְא הֶחֱזִיק
חָנוּן וְיֹשְׁבֵי זָנוֹחַ הֵמָּה בָנוּהוּ וַיַּעֲמִידוּ דַּלְתֹתָיו מַנְעֻלָיו
יד וּבְרִיחָיו וְאֶלֶף אַמָּה בַּחוֹמָה עַד שַׁעַר הַשְׁפוֹת׃ וְאֵת ׀
שַׁעַר הָאַשְׁפּוֹת הֶחֱזִיק מַלְכִּיָּה בֶן־רֵכָב שַׂר פֶּלֶךְ בֵּית־
טו הַכָּרֶם הוּא יִבְנֶנּוּ וְיַעֲמִיד דַּלְתֹתָיו מַנְעֻלָיו וּבְרִיחָיו׃ וְאֵת
שַׁעַר הָעַיִן הֶחֱזִיק שַׁלּוּן בֶּן־כָּל־חֹזֶה שַׂר פֶּלֶךְ הַמִּצְפָּה
הוּא יִבְנֶנּוּ וִיטַלְלֶנּוּ וְיַעֲמִידוּ דַּלְתֹתָיו מַנְעֻלָיו וּבְרִיחָיו
וְאֵת חוֹמַת בְּרֵכַת הַשֶּׁלַח לְגַן־הַמֶּלֶךְ וְעַד־הַמַּעֲלוֹת
טז הַיּוֹרְדוֹת מֵעִיר דָּוִיד׃ אַחֲרָיו הֶחֱזִיק נְחֶמְיָה בֶן־עַזְבּוּק
שַׂר חֲצִי פֶּלֶךְ בֵּית־צוּר עַד־נֶגֶד קִבְרֵי דָוִיד וְעַד־הַבְּרֵכָה
יז הָעֲשׂוּיָה וְעַד בֵּית הַגִּבֹּרִים׃ אַחֲרָיו הֶחֱזִיקוּ הַלְוִיִּם רְחוּם
בֶּן־בָּנִי עַל־יָדוֹ הֶחֱזִיק חֲשַׁבְיָה שַׂר־חֲצִי־פֶלֶךְ קְעִילָה
יח לְפִלְכּוֹ׃ אַחֲרָיו הֶחֱזִיקוּ אֲחֵיהֶם בַּוַּי בֶּן־חֵנָדָד שַׂר חֲצִי
יט פֶּלֶךְ קְעִילָה׃ וַיְחַזֵּק עַל־יָדוֹ עֵזֶר בֶּן־יֵשׁוּעַ שַׂר הַמִּצְפָּה

ה׳ חסר א   ח׳ בס״א חרחיה   טו׳ יחדו

כ מִדָּה שֵׁנִית מִנֶּגֶד עֲלֹת הַנֶּשֶׁק הַמִּקְצֹעַ׃ אַחֲרָיו הֶחֱרָה
הֶחֱזִיק בָּרוּךְ בֶּן־זַבַּי מִדָּה שֵׁנִית מִן־הַמִּקְצוֹעַ עַד־פֶּתַח
כא בֵּית אֶלְיָשִׁיב הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל׃ אַחֲרָיו הֶחֱזִיק מְרֵמוֹת בֶּן־
אוּרִיָּה בֶּן־הַקּוֹץ מִדָּה שֵׁנִית מִפֶּתַח בֵּית אֶלְיָשִׁיב וְעַד־
כב תַּכְלִית בֵּית אֶלְיָשִׁיב׃ וְאַחֲרָיו הֶחֱזִיקוּ הַכֹּהֲנִים אַנְשֵׁי
כג הַכִּכָּר׃ אַחֲרָיו הֶחֱזִיק בִּנְיָמִן וְחַשּׁוּב נֶגֶד בֵּיתָם אַחֲרָיו
כד הֶחֱזִיק עֲזַרְיָה בֶן־מַעֲשֵׂיָה בֶּן־עֲנָנְיָה אֵצֶל בֵּיתוֹ׃ אַחֲרָיו
הֶחֱזִיק בִּנּוּי בֶּן־חֵנָדָד מִדָּה שֵׁנִית מִבֵּית עֲזַרְיָה עַד־הַמִּקְצוֹעַ
כה וְעַד־הַפִּנָּה׃ פָּלָל בֶּן־אוּזַי מִנֶּגֶד הַמִּקְצוֹעַ וְהַמִּגְדָּל הַיּוֹצֵא
מִבֵּית הַמֶּלֶךְ הָעֶלְיוֹן אֲשֶׁר לַחֲצַר הַמַּטָּרָה אַחֲרָיו פְּדָיָה
כו בֶן־פַּרְעֹשׁ׃ וְהַנְּתִינִים הָיוּ יֹשְׁבִים בָּעֹפֶל עַד נֶגֶד שַׁעַר
כז הַמַּיִם לַמִּזְרָח וְהַמִּגְדָּל הַיּוֹצֵא׃ אַחֲרָיו הֶחֱזִיקוּ הַתְּקֹעִים
מִדָּה שֵׁנִית מִנֶּגֶד הַמִּגְדָּל הַגָּדוֹל הַיּוֹצֵא וְעַד חוֹמַת הָעֹפֶל׃
כח מֵעַל ׀ שַׁעַר הַסּוּסִים הֶחֱזִיקוּ הַכֹּהֲנִים אִישׁ לְנֶגֶד בֵּיתוֹ׃
כט אַחֲרָיו הֶחֱזִיק צָדוֹק בֶּן־אִמֵּר נֶגֶד בֵּיתוֹ וְאַחֲרָיו הֶחֱזִיק
ל שְׁמַעְיָה בֶן־שְׁכַנְיָה שֹׁמֵר שַׁעַר הַמִּזְרָח׃ אַחֲרָי הֶחֱזִיק
חֲנַנְיָה בֶן־שֶׁלֶמְיָה וְחָנוּן בֶּן־צָלָף הַשִּׁשִּׁי מִדָּה שֵׁנִי אַחֲרָיו
לא הֶחֱזִיק מְשֻׁלָּם בֶּן־בֶּרֶכְיָה נֶגֶד נִשְׁכָּתוֹ׃ אַחֲרַי הֶחֱזִיק
מַלְכִּיָּה בֶּן־הַצֹּרְפִי עַד־בֵּית הַנְּתִינִים וְהָרֹכְלִים נֶגֶד שַׁעַר
לב הַמִּפְקָד וְעַד עֲלִיַּת הַפִּנָּה׃ • וּבֵין עֲלִיַּת הַפִּנָּה לְשַׁעַר הַצֹּאן
לג הֶחֱזִיקוּ הַצֹּרְפִים וְהָרֹכְלִים׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר שָׁמַע
סַנְבַלַּט כִּי־אֲנַחְנוּ בוֹנִים אֶת־הַחוֹמָה וַיִּחַר לוֹ וַיִּכְעַס
לד הַרְבֵּה וַיַּלְעֵג עַל־הַיְּהוּדִים׃ וַיֹּאמֶר ׀ לִפְנֵי אֶחָיו וְחֵיל
שֹׁמְרוֹן וַיֹּאמֶר מָה הַיְּהוּדִים הָאֲמֵלָלִים עֹשִׂים הֲיַעַזְבוּ לָהֶם
הֲיִזְבָּחוּ הַיְכַלּוּ בַיּוֹם הַיְחַיּוּ אֶת־הָאֲבָנִים מֵעֲרֵמוֹת הֶעָפָר
לה וְהֵמָּה שְׂרוּפוֹת׃ וְטוֹבִיָּה הָעַמֹּנִי אֶצְלוֹ וַיֹּאמֶר גַּם אֲשֶׁר־
לו הֵם בּוֹנִים אִם־יַעֲלֶה שׁוּעָל וּפָרַץ חוֹמַת אַבְנֵיהֶם׃ שְׁמַע

כ׳ זכי קרי   ל׳ לא׳ אחריו קרי   סבירין שנית   לב׳ חצי ספר עזרא ונחמיה בפסוקים

מִצְפָּה, אַ צווייטע שטרעק, אַקעגן ווו מע גייט אַרויף צום וואָפנהויז ביים ווינקל. [20] נאָך אים האָט פלייסיק פאַרריכט בָּרוּך דער זון פון זַכַּין, אַ צווייטע שטרעק, פון ווינקל ביזן אַיינגאַנג פון אֶלְיָשִׁיב דעם כֹּהן־גָדולס הויז. [21] נאָך אים האָט פאַרריכט מְרֵמוֹת דער זון פון אורִיָה דעם זון פון הַקוֹצן, אַ צווייטע שטרעק, פון דעם אַיינגאַנג פון אֶלְיָשִׁיבס הויז און ביזן סוֹף פון אֶלְיָשִׁיבס הויז. [22] און נאָך אים האָבן פאַרריכט די כֹּהנים, די מענטשן פון דער [יַרדן]געגנט. [23] נאָך דעם האָבן פאַרריכט בנימין און חַשוּב אַקעגן זייער הויז. נאָך דעם האָט פאַרריכט עֲזַרְיָה דער זון פון מַעֲשֵׂיָה דעם זון פון עֲנַנְיָהן לעבן זיין הויז. [24] נאָך אים האָט פאַרריכט בִּנוּי דער זון פון חֵנָדָדן, אַ צווייטע שטרעק, פון עֲזַרְיָהס הויז ביזן ווינקל, און ביזן עק. [25] פָּלָל דער זון פון אוּזַין [האָט פאַרריכט] אַקעגן דעם עק, און דעם טורעם וואָס איז אַרויסגערוקט פון דעם אויבערשטן הויז פון מלך וואָס ביים הויף פון דער וואַך. נאָך אים פְּדָיָה דער זון פון פַּרעוֹשן.— [26] און די נתינים זיינען געזעסן אין עוֹפֶל ביז קעגן דעם וואַסערטויער צו מזרח, און דעם אַרויסגערוקטן טורעם.— [27] נאָך אים האָבן פאַרריכט די תְּקוֹעִים אַ צווייטע שטרעק, פון אַקעגן דעם גרויסן אַרויסגערוקטן טורעם און ביז דער מויער פון עוֹפֶל. [28] איבער דעם פערדטויער האָבן פאַרריכט די כֹּהנים, איטלעכער אַקעגן זיין הויז. [29] נאָך דעם האָט פאַרריכט צָדוֹק דער זון פון אִמֵרן אַקעגן זיין הויז. און נאָך אים האָט פאַרריכט שְׁמַעְיָה דער זון פון שְׁכַנְיָהן, דער היטער פון מזרח־טויער. [30] נאָך אים האָט פאַרריכט חֲנַנְיָה דער זון פון שֶׁלֶמְיָהן, און חָנוּן דער זעקסטער זון פון צָלָפן, אַ צווייטע שטרעק. נאָך אים האָט פאַרריכט משוּלָם דער זון פון בֶּרֶכְיָהן, אַקעגן זיין קאַמער. [31] נאָך אים האָט פאַרריכט מַלְכִּיָה, אַ זון פון די גאָלדשמידן, ביז דעם הויז פון די נתינים און די האַנדלסלייט, אַקעגן דעם טויער הַמִפְקָד, און ביז דער אויבערשטוב פון ווינקל. [32] און צווישן דער אויבערשטוב פון ווינקל און דעם שאָפטויער האָבן פאַרריכט די גאָלדשמידן און די קרעמער.

[33] און עס איז געווען, ווי סַנבַלַט האָט געהערט אַז מיר בויען די מויער, אַזוי האָט אים געברענט, און ער האָט שטאַרק געצערנט; און ער האָט געשפעט פון די ייִדן. [34] און ער האָט גערעדט פאַר זיינע ברידער און דעם חיל פון שוֹמרון, און האָט געזאָגט: וואָס טוען דידאָזיקע צעקראָכענע ייִדן? וועט מען זיי דען לאָזן? וועלן זיי דען קרבנות שלאַכטן? וועלן זיי עס ענדיקן אין אַ טאָג? וועלן זיי אויפלעבן די שטיינער פון די הויפנס ערד, אַז זיי זיינען פאַרברענט? [35] און טוֹבִיָה דער עַמוֹני איז געווען לעבן אים, און האָט געזאָגט: אַפילו אַז זיי בויען שוין יאָ, ווען אַ פוקס זאָל אַרויפגיין, וועט ער צעברעכן זייער שטיינערנע מויער.

אֱלֹהֵינוּ כִּי־הָיִינוּ בוּזָה וְהָשֵׁב חֶרְפָּתָם אֶל־רֹאשָׁם וּתְנֵם
לז לְבִזָּה בְּאֶרֶץ שִׁבְיָה׃ וְאַל־תְּכַס עַל־עֲוֺנָם וְחַטָּאתָם
לח מִלְּפָנֶיךָ אַל־תִּמָּחֶה כִּי הִכְעִיסוּ לְנֶגֶד הַבּוֹנִים׃ וַנִּבְנֶה
אֶת־הַחוֹמָה וַתִּקָּשֵׁר כָּל־הַחוֹמָה עַד־חֶצְיָהּ וַיְהִי לֵב לָעָם
לַעֲשׂוֹת׃

ד

א וַיְהִי ׀ כַּאֲשֶׁר שָׁמַע סַנְבַלַּט וְטוֹבִיָּה וְהָעַרְבִים וְהָעַמֹּנִים
וְהָאַשְׁדּוֹדִים כִּי־עָלְתָה אֲרוּכָה לְחֹמוֹת יְרוּשָׁלִַם כִּי־הֵחֵלּוּ
ב הַפְּרֻצִים לְהִסָּתֵם וַיִּחַר לָהֶם מְאֹד׃ וַיִּקְשְׁרוּ כֻלָּם יַחְדָּו
ג לָבוֹא לְהִלָּחֵם בִּירוּשָׁלִָם וְלַעֲשׂוֹת לוֹ תּוֹעָה׃ וַנִּתְפַּלֵּל
אֶל־אֱלֹהֵינוּ וַנַּעֲמִיד מִשְׁמָר עֲלֵיהֶם יוֹמָם וָלַיְלָה מִפְּנֵיהֶם׃
ד וַיֹּאמֶר יְהוּדָה כָּשַׁל כֹּחַ הַסַּבָּל וְהֶעָפָר הַרְבֵּה וַאֲנַחְנוּ
ה לֹא נוּכַל לִבְנוֹת בַּחוֹמָה׃ וַיֹּאמְרוּ צָרֵינוּ לֹא יֵדְעוּ וְלֹא
יִרְאוּ עַד אֲשֶׁר־נָבוֹא אֶל־תּוֹכָם וַהֲרַגְנוּם וְהִשְׁבַּתְנוּ אֶת־
ו הַמְּלָאכָה׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר־בָּאוּ הַיְּהוּדִים הַיֹּשְׁבִים אֶצְלָם
וַיֹּאמְרוּ לָנוּ עֶשֶׂר פְּעָמִים מִכָּל־הַמְּקֹמוֹת אֲשֶׁר־תָּשׁוּבוּ
ז עָלֵינוּ׃ וָאַעֲמִיד מִתַּחְתִּיּוֹת לַמָּקוֹם מֵאַחֲרֵי לַחוֹמָה
בַּצְחִיחִים וָאַעֲמִיד אֶת־הָעָם לְמִשְׁפָּחוֹת עִם־חַרְבֹתֵיהֶם
ח רָמְחֵיהֶם וְקַשְּׁתֹתֵיהֶם׃ וָאֵרֶא וָאָקוּם וָאֹמַר אֶל־הַחֹרִים
וְאֶל־הַסְּגָנִים וְאֶל־יֶתֶר הָעָם אַל־תִּירְאוּ מִפְּנֵיהֶם אֶת־אֲדֹנָי
הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא זְכֹרוּ וְהִלָּחֲמוּ עַל־אֲחֵיכֶם בְּנֵיכֶם וּבְנֹתֵיכֶם
ט נְשֵׁיכֶם וּבָתֵּיכֶם׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר שָׁמְעוּ אוֹיְבֵינוּ כִּי־נוֹדַע
לָנוּ וַיָּפֶר הָאֱלֹהִים אֶת־עֲצָתָם וַנָּשׁוּב כֻּלָּנוּ אֶל־הַחוֹמָה
י אִישׁ אֶל־מְלַאכְתּוֹ׃ וַיְהִי ׀ מִן־הַיּוֹם הַהוּא חֲצִי נְעָרַי עֹשִׂים
בַּמְּלָאכָה וְחֶצְיָם מַחֲזִיקִים וְהָרְמָחִים הַמָּגִנִּים וְהַקְּשָׁתוֹת
יא וְהַשִּׁרְיֹנִים וְהַשָּׂרִים אַחֲרֵי כָּל־בֵּית יְהוּדָה׃ הַבּוֹנִים בַּחוֹמָה
וְהַנֹּשְׂאִים בַּסֶּבֶל עֹמְשִׂים בְּאַחַת יָדוֹ עֹשֶׂה בַמְּלָאכָה

ד, ז׳ יתיר י׳ ט׳ יתיר ו׳ יא׳ בס״א סין

[36] הער, גאָט אונדזערער, ווי מיר זיינען געוואָרן צו שפּאָט, און קֶער אום זייער לעסטערונג אויף זייער קאָפּ, און גיב זיי צו רויב אין לאַנד פון געפאַנגענשאַפט; [37] און זאָלסט ניט פאַרדעקן זייער זינד, און זייער חטא זאָל ניט פאַרמעקט ווערן פון פאַר דיר, וואָרום זיי האָבן דיך דערצערנט פאַר די בויער.

[38] אַזוי האָבן מיר געבויט די מויער; און די גאַנצע מויער איז פאַרבונדן געוואָרן ביז איר העלפט; וואָרום דאָס פאָלק האָט געהאַט האַרץ צו טאָן.

ד [1] און עס איז געווען, ווי סַנבַלַט, און טוביָה, און די אַראַבער, און די עַמונים, און די אַשדודים, האָבן געהערט אַז די מויערן פון ירושָלַיִם ווערן פאַרריכט, אַז די בראָכן האָבן אָנגעהויבן פאַרשטאָפּט צו ווערן, האָט זיי זייער געברענט. [2] און זיי האָבן געמאַכט אַ בונט אַלע אין איינעם, צו קומען מלחמה האַלטן אויף ירושָלַיִם, און אָנמאַכן דרינען אַ מהומה. [3] האָבן מיר מתפלל געווען צו אונדזער גאָט, און מיר האָבן געשטעלט אַ וואַך אַקעגן זיי בײ טאָג און בײ נאַכט, [זיך צו שיצן] פאַר זיי. [4] און יהודה האָט געזאָגט: דער כּוח פון די לאַסטטרעגער איז אָפּגעשוואַכט, און ערד [אָפּצוראַמען] איז דאָ אַ סך, און מיר קענען ניט בויען די מויער. [5] און אונדזערע שׂונאים האָבן געזאָגט: זאָלן זיי ניט מערקן און ניט זען, ביז מיר וועלן קומען צווישן זיי, און וועלן זיי אויסהרגען, און פאַרשטערן די אַרבעט. [6] און עס איז געווען, אַז די ייִדן וואָס זיינען געזעסן בײ זיי, זיינען צו אונדז געקומען, האָבן זיי אונדז צען מאָל געזאָגט: איר מוזט זיך אומקערן צו אונדז פון אַלע ערטער. [7] האָב איך אויסגעשטעלט אונטער דעם אָרט הינטער דער מויער, אין די אָפענע פלעצער– איך האָב אויסגעשטעלט דאָס פאָלק לויט משפחות, מיט זייערע שווערדן, זייערע שפּיזן, און זייערע בויגנס. [8] און איך האָב זיך אומגעקוקט, און בין אויפגעשטאַנען און האָב געזאָגט צו די אַדללייט, און צו די פאָרשטייער, און צו דעם איבעריקן פאָלק: איר זאָלט ניט מורא האָבן פאַר זיי; דערמאָנט אײַך אָן גאָט, דעם גרויסן און דעם פאָרכטיקן, און האַלט מלחמה פאַר אײַערע ברידער, אײַערע זין און אײַערע טעכטער, אײַערע ווייבער, און אײַערע הייזער.

[9] און עס איז געווען, ווי אונדזערע פיינט האָבן געהערט, אַז מיר האָבן זיך דערוווּסט, און גאָט האָט פאַרשטערט זייער עצה, אַזוי האָבן מיר זיך אַלע אומגעקערט צו דער מויער, איטלעכער צו זיין אַרבעט. [10] און עס איז געווען פון יענעם טאָג אָן, האָבן העלפט פון מיינע יונגען געטאָן די אַרבעט, און העלפט פון זיי האָבן געהאַלטן די שפּיזן, די שילדן און די בויגנס, און די פאַנצערס; און די האַרן זיינען געווען הינטער דעם גאַנצן הויז פון יהודה [11] וואָס האָבן געבויט די מויער. און די לאַסטטרעגער לאָדנדיק האָבן מיט איין האַנט זייערער געטאָן די אַרבעט,

יב וְאַחַת מַחֲזֶקֶת הַשָּׁלַח׃ וְהַבּוֹנִים אִישׁ חַרְבּוֹ אֲסוּרִים עַל־
יג מָתְנָיו וּבוֹנִים וְהַתּוֹקֵעַ בַּשּׁוֹפָר אֶצְלִי׃ וָאֹמַר אֶל־הַחֹרִים
וְאֶל־הַסְּגָנִים וְאֶל־יֶתֶר הָעָם הַמְּלָאכָה הַרְבֵּה וּרְחָבָה
יד וַאֲנַחְנוּ נִפְרָדִים עַל־הַחוֹמָה רְחוֹקִים אִישׁ מֵאָחִיו׃ בִּמְקוֹם
אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶת־קוֹל הַשּׁוֹפָר שָׁמָּה תִּקָּבְצוּ אֵלֵינוּ
טו אֱלֹהֵינוּ יִלָּחֶם לָנוּ׃ וַאֲנַחְנוּ עֹשִׂים בַּמְּלָאכָה וְחֶצְיָם מַחֲזִיקִים
טז בָּרְמָחִים מֵעֲלוֹת הַשַּׁחַר עַד צֵאת הַכּוֹכָבִים׃ גַּם בָּעֵת
הַהִיא אָמַרְתִּי לָעָם אִישׁ וְנַעֲרוֹ יָלִינוּ בְּתוֹךְ יְרוּשָׁלָ͏ִם וְהָיוּ־
יז לָנוּ הַלַּיְלָה מִשְׁמָר וְהַיּוֹם מְלָאכָה׃ וְאֵין אֲנִי וְאַחַי וּנְעָרַי
וְאַנְשֵׁי הַמִּשְׁמָר אֲשֶׁר אַחֲרַי אֵין־אֲנַחְנוּ פֹשְׁטִים בְּגָדֵינוּ
אִישׁ שִׁלְחוֹ הַמָּיִם׃

## ה

א וַתְּהִי צַעֲקַת הָעָם וּנְשֵׁיהֶם גְּדוֹלָה אֶל־אֲחֵיהֶם הַיְּהוּדִים׃
ב וְיֵשׁ אֲשֶׁר אֹמְרִים בָּנֵינוּ וּבְנֹתֵינוּ אֲנַחְנוּ רַבִּים וְנִקְחָה דָגָן
ג וְנֹאכְלָה וְנִחְיֶה׃ וְיֵשׁ אֲשֶׁר אֹמְרִים שְׂדֹתֵינוּ וּכְרָמֵינוּ
ד וּבָתֵּינוּ אֲנַחְנוּ עֹרְבִים וְנִקְחָה דָגָן בָּרָעָב׃ וְיֵשׁ אֲשֶׁר
ה אֹמְרִים לָוִינוּ כֶסֶף לְמִדַּת הַמֶּלֶךְ שְׂדֹתֵינוּ וּכְרָמֵינוּ׃ וְעַתָּה
כִּבְשַׂר אַחֵינוּ בְּשָׂרֵנוּ כִּבְנֵיהֶם בְּנֵינוּ וְהִנֵּה אֲנַחְנוּ כֹבְשִׁים
אֶת־בָּנֵינוּ וְאֶת־בְּנֹתֵינוּ לַעֲבָדִים וְיֵשׁ מִבְּנֹתֵינוּ נִכְבָּשׁוֹת
ו וְאֵין לְאֵל יָדֵנוּ וּשְׂדֹתֵינוּ וּכְרָמֵינוּ לַאֲחֵרִים׃ וַיִּחַר לִי מְאֹד
ז כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְתִּי אֶת־זַעֲקָתָם וְאֵת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ וַיִּמָּלֵךְ
לִבִּי עָלַי וָאָרִיבָה אֶת־הַחֹרִים וְאֶת־הַסְּגָנִים וָאֹמְרָה לָהֶם
מַשָּׁא אִישׁ־בְּאָחִיו אַתֶּם נֹשִׁאים וָאֶתֵּן עֲלֵיהֶם קְהִלָּה גְדוֹלָה׃
ח וָאֹמְרָה לָהֶם אֲנַחְנוּ קָנִינוּ אֶת־אַחֵינוּ הַיְּהוּדִים הַנִּמְכָּרִים
לַגּוֹיִם כְּדֵי בָנוּ וְגַם־אַתֶּם תִּמְכְּרוּ אֶת־אֲחֵיכֶם וְנִמְכְּרוּ־לָנוּ
ט וַיַּחֲרִישׁוּ וְלֹא מָצְאוּ דָּבָר׃ וָיֹּאמֶר לֹא־טוֹב הַדָּבָר אֲשֶׁר־
אַתֶּם עֹשִׂים הֲלוֹא בְּיִרְאַת אֱלֹהֵינוּ תֵּלֵכוּ מֵחֶרְפַּת הַגּוֹיִם

ד, טז׳ נ״א והיה    ה, ז׳ כשין ימנית    יתיר א    ט׳ יתיר י

און איינע האָט געהאַלטן דעם וואַפן. 12 און די בויער זיינען געווען אָנגעגורט איטלעכער מיט זיין שווערד אויף זיינע לענדן, און אַזוי האָבן זיי געבויט; און אַ שופר־בלאָזער איז געווען לעבן מיר. 13 און איך האָב געזאָגט צו די אַדללייט, און צו די פאָרשטייער, און צו דעם איבעריקן פאָלק: די אַרבעט איז גרויס און אויסגעברייט, און מיר זיינען אָפּגעזונדערט אויף דער מויער, ווייט איינער פון אַנדערן. 14 איז, אין דעם אָרט וואָס איר וועט הערן דעם קול פון שופר, אַהין זאָלט איר זיך אייַנזאַמלען צו אונדז; אונדזער גאָט וועט מלחמה האַלטן פאַר אונדז.

15 אַזוי האָבן מיר געטאָן די אַרבעט; און אַ העלפט פון זיי האָבן געהאַלטן די שפּיזן פון אויפגאַנג פון פרימאָרגן ביז די שטערן זיינען אַרויס. 16 איך האָב אויך געזאָגט אין יענער צייט צום פאָלק: זאָל איטלעכער מיט זיין יונג נעכטיקן אין ירושָלַיִם, כדי זיי זאָלן אונדז זיין ביי נאַכט פאַר אַ וואַך, און ביי טאָג פאַר אַרבעט. 17 און ניט איך, אָדער מיינע ברידער און מיינע יונגען און די וואַכלייט וואָס הינטער מיר, קיינער האָבן מיר ניט אויסגעטאָן אונדזערע קליידער; אַפילו צום וואַסער איז איטלעכער [געגאַנגען] מיט זיין וואַפן.

ה 1 און עס איז געווען אַ גרויס געשריי פון דעם פאָלק און זייערע ווייבער אויף זייערע ייִדישע ברידער. 2 און עס זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געזאָגט: מיר מיט אונדזערע זין און אונדזערע טעכטער זיינען פיל; טאָ לאָמיר קריגן תבואה, כדי מיר זאָלן עסן און לעבן. 3 און געווען אַזעלכע וואָס האָבן געזאָגט: אונדזערע פעלדער און אונדזערע ווייַנגערטנער און אונדזערע הייזער פאַרזעצן מיר; לאָמיר קריגן תבואה, פון וועגן דעם הונגער. 4 און געווען אַזעלכע וואָס האָבן געזאָגט: מיר האָבן געליען געלט פאַר דעם מלכס אָפּצאָל אויף אונדזערע פעלדער און אונדזערע ווייַנגערטנער. 5 און אַצונד, אונדזער פלייש איז דאָך אַזוי ווי דאָס פלייש פון אונדזערע ברידער, אונדזערע קינדער אַזוי ווי זייערע קינדער, און אָט מוזן מיר באַצווינגען אונדזערע זין און אונדזערע טעכטער פאַר קנעכט, און טייל פון אונדזערע טעכטער זיינען שוין באַצוווּנגען, און אונדזער האַנט איז אָן כּוח, און אונדזערע פעלדער און אונדזערע ווייַנגערטנער געהערן צו אַנדערע.

6 האָט מיך זייער פאַרדראָסן ווי איך האָב געהערט זייער געשריי און דידאָזיקע ווערטער. 7 און מיין האַרץ האָט זיך באַקלערט אין מיר, און איך האָב זיך געקריגט מיט די אַדללייט און מיט די פאָרשטייער, און איך האָב צו זיי געזאָגט: אויף וואָכער לייט איר איטלעכער זיין ברודער? און איך האָב געמאַכט אַקעגן זיי אַ גרויסע אייַנזאַמלונג. 8 און איך האָב צו זיי געזאָגט: מיר האָבן אויסגעקויפט אונדזערע ייִדישע ברידער וואָס זיינען פאַרקויפט געווען צו גויִים, ווי ווייט מיר האָבן געקענט, און איר ווילט גאָר פאַרקויפן אייַערע ברידער, און זיי זאָלן זיך פאַרקויפן צו אונדז? האָבן זיי געשוויגן און ניט געפונען קיין ווערטער. 9 און איך האָב געזאָגט: ניט גוט איז די זאַך וואָס איר טוט; דאַרפט איר ניט גיין אין מורא פאַר אונדזער גאָט, אויס חרפה פאַר די גויִים

אונדזערע פיינט? [10] איך אויך, מיינע ברידער און מיינע
יונגען, האָבן זיי געליען געלט און תּבואה. לאָמיר, איך
בעט אײַך, אָפּלאָזן דעמדאָזיקן חוב. [11] גיט זיי אָפּ, איך
בעט אײַך, היינט זייערע פעלדער, זייערע ווײַנגערטנער,
זייערע איילבערטגערטנער, און זייערע הײַזער, און די
הונדערטן זילבערשטיק, און די תּבואה, דעם ווײַן, און
דאָס אייל, וואָס איר מאָנט פון זיי. [12] האָבן זיי געזאָגט:
מיר וועלן אָפּגעבן, און מיר וועלן פון זיי ניט פאַרלאַנגען;
מיר וועלן אַזוי טאָן ווי דו זאָגסט. האָב איך גערופן די
כּהנים, און איך האָב זיי באַשוואָרן צו טאָן אַזוי ווי דער־
דאָזיקער צוזאָג. [13] אויך האָב איך אויסגעטרייסלט מײַן
שויס, און האָב געזאָגט: אַזוי זאָל גאָט אויסטרייסלען
יעטוועדער מאַן וואָס וועט ניט מקיים זײַן דעמדאָזיקן
צוזאָג, פון זײַן הויז, און פון זײַן מי, און אַזוי זאָל ער זײַן
אויסגעטרייסלט און ליידיק. און די גאַנצע אײַנזאַמלונג
האָט געזאָגט: אָמן! און זיי האָבן געלויבט גאָט. און דאָס
פאָלק האָט געטאָן אַזוי ווי דערדאָזיקער צוזאָג.

[14] אויך האָב איך און מיינע ברידער, פון דעם טאָג
אָן וואָס מע האָט מיר באַפוילן צו זײַן זייער פירשט אין
לאַנד יהודה, פון דעם צוואַנציקסטן יאָר און ביזן צוויי
און דרײַסיקסטן יאָר פון דעם מלך אַרתּחשסתּאָ, צוועלף
יאָר, ניט געגעסן די שפּייז פון אַ פירשט. [15] און די פריער־
דיקע פירשטן וואָס פאַר מיר האָבן באַשווערט אויפן
פאָלק, און זיי האָבן גענומען פון זיי פאַר ברויט און ווײַן,
אַחוץ פערציק שקלים זילבער; אויך האָבן זייערע יונגען
געוועלטיקט איבער דעם פאָלק. אָבער איך האָב ניט געטאָן אַזוי, פון גאָטספאָרכטיקייט. [16] און אויך בײַ דער אַרבעט
פון דערדאָזיקער מויער האָב איך צוגעלייגט אַ האַנט, הגם קיין פעלד האָבן מיר ניט געקויפט; און אַלע מיינע יונגען
זײַנען געווען אײַנגעזאַמלט דאָרטן בײַ דער אַרבעט. [17] און די ייִדן, און די פאָרשטייער, הונדערט און פופציק מאַן, און
די וואָס זײַנען צו אונדז געקומען פון די פעלקער וואָס אַרום אונדז, זײַנען געווען בײַ מײַן טיש. [18] און וואָס איז צוגע־
גרייט געוואָרן פאַר איין טאָג, איז געווען: איין אָקס, זעקס געקליבענע שאָף; אויך עופֿות זײַנען צוגעגרייט געוואָרן בײַ
מיר; און אַלע צען טעג אַלערליי ווײַן לרוב. און פונדעסטוועגן האָב איך ניט פאַרלאַנגט די שפּייז פון אַ פירשט, ווײַל
דער דינסט איז געווען שווער אויף דעמדאָזיקן פאָלק. [19] דערמאָן מיר, גאָט מײַנער, צום גוטן אַלץ וואָס איך האָב
געטאָן פאַר דעמדאָזיקן פאָלק.

ו [1] און עס איז געווען, ווי סנבלט, און טוביה, און גשם דער אַראַבער, און אונדזערע איבעריקע פיינט האָבן
געקריגן צו הערן אַז איך האָב אויפגעבויט די מויער, און קיין בראָך איז ניט געבליבן אין איר – הגם ביז
יענער צײַט האָב איך נאָך ניט געהאַט אַרײַנגעשטעלט טירן אין די טויערן – [2] האָט סנבלט, און גשם, געשיקט

י אֹיְבֵינוּ׃ וְגַם־אֲנִי אַחַי וּנְעָרַי נֹשִׁים בָּהֶם כֶּסֶף וְדָגָן נַעַזְבָה־
יא נָּא אֶת־הַמַּשָּׁא הַזֶּה׃ הָשִׁיבוּ נָא לָהֶם כְּהַיּוֹם שְׂדֹתֵיהֶם
כַּרְמֵיהֶם זֵיתֵיהֶם וּבָתֵּיהֶם וּמְאַת הַכֶּסֶף וְהַדָּגָן הַתִּירוֹשׁ
יב וְהַיִּצְהָר אֲשֶׁר אַתֶּם נֹשִׁים בָּהֶם׃ וַיֹּאמְרוּ נָשִׁיב וּמֵהֶם
לֹא נְבַקֵּשׁ כֵּן נַעֲשֶׂה כַּאֲשֶׁר אַתָּה אוֹמֵר וָאֶקְרָא אֶת־
יג הַכֹּהֲנִים וָאַשְׁבִּיעֵם לַעֲשׂוֹת כַּדָּבָר הַזֶּה׃ גַּם־חָצְנִי נָעַרְתִּי
וָאֹמְרָה כָּכָה יְנַעֵר הָאֱלֹהִים אֶת־כָּל־הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא־
יָקִים אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה מִבֵּיתוֹ וּמִיגִיעוֹ וְכָכָה יִהְיֶה נָעוּר
וָרֵק וַיֹּאמְרוּ כָל־הַקָּהָל אָמֵן וַיְהַלְלוּ אֶת־יְהוָה וַיַּעַשׂ הָעָם
יד כַּדָּבָר הַזֶּה׃ גַּם מִיּוֹם ׀ אֲשֶׁר־צִוָּה אֹתִי לִהְיוֹת פֶּחָם
בְּאֶרֶץ יְהוּדָה מִשְּׁנַת עֶשְׂרִים וְעַד שְׁנַת שְׁלֹשִׁים וּשְׁתַּיִם
לְאַרְתַּחְשַׁסְתְּא הַמֶּלֶךְ שָׁנִים שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה אֲנִי וְאַחַי לֶחֶם
טו הַפֶּחָה לֹא אָכַלְתִּי׃ וְהַפַּחוֹת הָרִאשֹׁנִים אֲשֶׁר־לְפָנַי
הִכְבִּידוּ עַל־הָעָם וַיִּקְחוּ מֵהֶם בְּלֶחֶם וָיַיִן אַחַר כֶּסֶף־שְׁקָלִים
אַרְבָּעִים גַּם־נַעֲרֵיהֶם שָׁלְטוּ עַל־הָעָם וַאֲנִי לֹא־עָשִׂיתִי כֵן
טז מִפְּנֵי יִרְאַת אֱלֹהִים׃ וְגַם בִּמְלֶאכֶת הַחוֹמָה הַזֹּאת הֶחֱזַקְתִּי
וְשָׂדֶה לֹא קָנִינוּ וְכָל־נְעָרַי קְבוּצִים שָׁם עַל־הַמְּלָאכָה׃
יז וְהַיְּהוּדִים וְהַסְּגָנִים מֵאָה וַחֲמִשִּׁים אִישׁ וְהַבָּאִים אֵלֵינוּ מִן־
יח הַגּוֹיִם אֲשֶׁר־סְבִיבֹתֵינוּ עַל־שֻׁלְחָנִי׃ וַאֲשֶׁר הָיָה נַעֲשֶׂה
לְיוֹם אֶחָד שׁוֹר אֶחָד צֹאן שֵׁשׁ בְּרֻרוֹת וְצִפֳּרִים נַעֲשׂוּ־לִי
וּבֵין עֲשֶׂרֶת יָמִים בְּכָל־יַיִן לְהַרְבֵּה וְעִם־זֶה לֶחֶם הַפֶּחָה
יט לֹא בִקַּשְׁתִּי כִּי־כָבְדָה הָעֲבֹדָה עַל־הָעָם הַזֶּה׃ זָכְרָה־לִּי
אֱלֹהַי לְטוֹבָה כֹּל אֲשֶׁר־עָשִׂיתִי עַל־הָעָם הַזֶּה׃

ו

א וַיְהִי כַאֲשֶׁר נִשְׁמַע לְסַנְבַלַּט וְטוֹבִיָּה וּלְגֶשֶׁם הָעַרְבִי וּלְיֶתֶר
אֹיְבֵינוּ כִּי בָנִיתִי אֶת־הַחוֹמָה וְלֹא־נוֹתַר בָּהּ פָּרֶץ גַּם עַד־
ב הָעֵת הַהִיא דְּלָתוֹת לֹא־הֶעֱמַדְתִּי בַשְּׁעָרִים׃ וַיִּשְׁלַח

ה, י׳ בשין ימנית   יד׳ פתח בס״פ

סַנְבַלַּט וְגֶשֶׁם אֵלַי לֵאמֹר לְכָה וְנִוָּעֲדָה יַחְדָּו בַּכְּפִירִים
בְּבִקְעַת אוֹנוֹ וְהֵמָּה חֹשְׁבִים לַעֲשׂוֹת לִי רָעָה׃ וָאֶשְׁלְחָה ג
עֲלֵיהֶם מַלְאָכִים לֵאמֹר מְלָאכָה גְדוֹלָה אֲנִי עֹשֶׂה וְלֹא
אוּכַל לָרֶדֶת לָמָּה תִשְׁבַּת הַמְּלָאכָה כַּאֲשֶׁר אַרְפֶּהָ וְיָרַדְתִּי
אֲלֵיכֶם׃ וַיִּשְׁלְחוּ אֵלַי כַּדָּבָר הַזֶּה אַרְבַּע פְּעָמִים וָאָשִׁיב ד
אוֹתָם כַּדָּבָר הַזֶּה׃ וַיִּשְׁלַח אֵלַי סַנְבַלַּט כַּדָּבָר הַזֶּה פַּעַם ה
חֲמִישִׁית אֶת־נַעֲרוֹ וְאִגֶּרֶת פְּתוּחָה בְּיָדוֹ׃ כָּתוּב בָּהּ בַּגּוֹיִם ו
נִשְׁמָע וְגַשְׁמוּ אֹמֵר אַתָּה וְהַיְּהוּדִים חֹשְׁבִים לִמְרוֹד עַל־
כֵּן אַתָּה בוֹנֶה הַחוֹמָה וְאַתָּה הֹוֶה לָהֶם לְמֶלֶךְ כַּדְּבָרִים
הָאֵלֶּה׃ וְגַם־נְבִיאִים הֶעֱמַדְתָּ לִקְרֹא עָלֶיךָ בִירוּשָׁלַ͏ִם ז
לֵאמֹר מֶלֶךְ בִּיהוּדָה וְעַתָּה יִשָּׁמַע לַמֶּלֶךְ כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה
וְעַתָּה לְכָה וְנִוָּעֲצָה יַחְדָּו׃ וָאֶשְׁלְחָה אֵלָיו לֵאמֹר לֹא ח
נִהְיָה כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אַתָּה אוֹמֵר כִּי מִלִּבְּךָ אַתָּה
בוֹדָאם׃ כִּי כֻלָּם מְיָרְאִים אוֹתָנוּ לֵאמֹר יִרְפּוּ יְדֵיהֶם מִן־ ט
הַמְּלָאכָה וְלֹא תֵעָשֶׂה וְעַתָּה חַזֵּק אֶת־יָדָי׃ וַאֲנִי בָאתִי י
בֵּית שְׁמַעְיָה בֶן־דְּלָיָה בֶּן־מְהֵיטַבְאֵל וְהוּא עָצוּר וַיֹּאמֶר
נִוָּעֵד אֶל־בֵּית הָאֱלֹהִים אֶל־תּוֹךְ הַהֵיכָל וְנִסְגְּרָה דַּלְתוֹת
הַהֵיכָל כִּי בָּאִים לְהָרְגֶךָ וְלַיְלָה בָּאִים לְהָרְגֶךָ׃ וָאֹמְרָה יא
הַאִישׁ כָּמוֹנִי יִבְרָח וּמִי כָמוֹנִי אֲשֶׁר־יָבוֹא אֶל־הַהֵיכָל וָחָי
לֹא אָבוֹא׃ וָאַכִּירָה וְהִנֵּה לֹא־אֱלֹהִים שְׁלָחוֹ כִּי הַנְּבוּאָה יב
דִּבֶּר עָלַי וְטוֹבִיָּה וְסַנְבַלַּט שְׂכָרוֹ׃ לְמַעַן שָׂכוּר הוּא לְמַעַן יג
אִירָא וְאֶעֱשֶׂה־כֵּן וְחָטָאתִי וְהָיָה לָהֶם לְשֵׁם רָע לְמַעַן
יְחָרְפוּנִי׃ זָכְרָה אֱלֹהַי לְטוֹבִיָּה וּלְסַנְבַלַּט כְּמַעֲשָׂיו יד
אֵלֶּה וְגַם לְנוֹעַדְיָה הַנְּבִיאָה וּלְיֶתֶר הַנְּבִיאִים אֲשֶׁר הָיוּ
מְיָרְאִים אוֹתִי׃ וַתִּשְׁלַם הַחוֹמָה בְּעֶשְׂרִים וַחֲמִשָּׁה לֶאֱלוּל טו
לַחֲמִשִּׁים וּשְׁנַיִם יוֹם׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר שָׁמְעוּ כָּל־אוֹיְבֵינוּ טז
וַיִּרְאוּ כָּל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר סְבִיבֹתֵינוּ וַיִּפְּלוּ מְאֹד בְּעֵינֵיהֶם

ח׳ ראו טהה יא׳ קמץ ס״ק

צו מיר, אַזוי צו זאָגן: קום, און לאָמיר זיך צונויפקומען אין איינעם אין כּפרים אין טאָל אונו. און זיי האָבן געטראַכט מיר צו טאָן בייז. ³ האָב איך צו זיי געשיקט שלוחים, אַזוי צו זאָגן: אַ גרויסע אַרבעט טו איך, און איך קען ניט אַראָפּנידערן; נאָך וואָס זאָל די אַרבעט אויפהערן, אַז איך וועל זי אָפּלאָזן, און אַראָפּנידערן צו אײַך? ⁴ און זיי האָבן צו מיר געשיקט אַזוי ווי דידאָזיקע רייד פיר מאָל, און איך האָב זיי געענטפערט אַזוי ווי דידאָזיקע רייד. ⁵ האָט סַנבַלַט געשיקט צו מיר אַזוי ווי דידאָזיקע רייד אַ פינפט מאָל זיין יונג מיט אַן אָפענעם בריוו אין זיין האַנט, ⁶ וואָס דערין איז געווען געשריבן: צווישן די פעלקער הערט זיך, און גַשמו זאָגט, אַז דו און די ייִדן טראַכטן צו ווידערשפעניקן, דרום בויסטו די מויער, און דו ווילסט ווערן ביי זיי פאַר אַ מלך, לויט דידאָזיקע רייד. ⁷ און אויך האָסטו אויפגעשטעלט נביאים אויסצורופן וועגן דיר אין ירושָלַיִם, אַזוי צו זאָגן: אַ מלך איז דאָ אין יהודה. און אַצונד וועט דער מלך קריגן צו הערן אַזעלכע רייד. איז, אַצונד קום און לאָמיר אַן עצה האַלטן אין איינעם. ⁸ האָב איך צו אים געשיקט, אַזוי צו זאָגן: אַזעלכע זאַכן ווי דו זאָגסט זיינען ניט געשען, נאָר פון דיין האַרצן טראַכסטו זיי אויס. ⁹ וואָרום זיי אַלע האָבן אונדז געוואָלט אײַנשרעקן, אַזוי צו זאָגן: זייערע הענט וועלן אָפּגעשלאַפּט ווערן פון דער אַרבעט, און זי וועט ניט געטאָן ווערן. און אַצונד, [גאָט], שטאַרק מיינע הענט.

¹⁰ און איך בין געקומען אין הויז פון שמַעיָה דעם זון פון דלָיָה, דעם זון פון מהֵיטַבאֵלן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אײַנגעשלאָסן; און ער האָט געזאָגט: לאָמיר זיך צונויפקומען אין הויז פון גאָט, אינעווייניק אין הֵיכל, און לאָמיר פאַרשליסן די טירן פון הֵיכל, וואָרום זיי וועלן קומען דיך הרגען, און ביי נאַכט וועלן זיי קומען דיך הרגען. ¹¹ האָב איך געזאָגט: זאָל אַזאַ מענטש ווי איך אַנטלויפן? און ווער פון מיין גלייכן קען אַריינגיין אין הֵיכל, און בלייבן לעבן? איך וועל ניט אַריינגיין. ¹² און איך האָב דערקענט, אַז ניט גאָט האָט אים געשיקט, נאָר ער האָט גערעדט די נבואה וועגן מיר, ווייל טוֹביָה און סַנבַלַט האָבן אים אָנגעדונגען. ¹³ ער איז דערפאַר געווען געדונגען, כּדי איך זאָל מוֹרא קריגן, און איך זאָל טאָן אַזוי, און מיך פאַרזינדיקן, און דאָס וועט זיי זיין פאַר אַ שֵׁם־רע כּדי זיי זאָלן מיך קענען לעסטערן. ¹⁴ דערמאָן, גאָט מיינער, טוֹביָהן, און סַנבַלַטן לויט דידאָזיקע מעשׂים זיינע, און אויך נוֹעַדיָה דער נביאה, און די איבעריקע נביאים וואָס האָבן מיך געוואָלט אײַנשרעקן.

¹⁵ און די מויער איז פאַרטיק געוואָרן אין פינף און צוואַנציקסטן טאָג פון אֱלול, אין צוויי און פופציק טעג. ¹⁶ און עס איז געווען, ווי אַלע אונדזערע פיינט האָבן דערהערט, האָבן אַלע פעלקער וואָס אַרום אונדז מוֹרא געקריגן, און זיי זיינען

יז וַיֵּדְעוּ כִּי מֵאֵת אֱלֹהֵינוּ נֶעֶשְׂתָה הַמְּלָאכָה הַזֹּאת׃ גַּם ׀
בַּיָּמִים הָהֵם מַרְבִּים חֹרֵי יְהוּדָה אִגְּרֹתֵיהֶם הוֹלְכוֹת עַל־
יח טוֹבִיָּה וַאֲשֶׁר לְטוֹבִיָּה בָּאוֹת אֲלֵיהֶם׃ כִּי־רַבִּים בִּיהוּדָה
בַּעֲלֵי שְׁבוּעָה לוֹ כִּי־חָתָן הוּא לִשְׁכַנְיָה בֶן־אָרַח וִיהוֹחָנָן
יט בְּנוֹ לָקַח אֶת־בַּת־מְשֻׁלָּם בֶּן בֶּרֶכְיָה׃ גַּם טוֹבֹתָיו הָיוּ
אֹמְרִים לְפָנַי וּדְבָרַי הָיוּ מוֹצִיאִים לוֹ אִגְּרוֹת שָׁלַח טוֹבִיָּה
לְיָרְאֵנִי׃

ז

א וַיְהִי כַּאֲשֶׁר נִבְנְתָה הַחוֹמָה וָאַעֲמִיד הַדְּלָתוֹת וַיִּפָּקְדוּ
ב הַשּׁוֹעֲרִים וְהַמְשֹׁרְרִים וְהַלְוִיִּם׃ וָאֲצַוֶּה אֶת־חֲנָנִי אָחִי
וְאֶת־חֲנַנְיָה שַׂר הַבִּירָה עַל־יְרוּשָׁלִָם כִּי־הוּא כְּאִישׁ אֱמֶת
ג וְיָרֵא אֶת־הָאֱלֹהִים מֵרַבִּים׃ וָאֹמַר לָהֶם לֹא יִפָּתְחוּ
שַׁעֲרֵי יְרוּשָׁלִַם עַד־חֹם הַשֶּׁמֶשׁ וְעַד הֵם עֹמְדִים יָגִיפוּ
הַדְּלָתוֹת וֶאֱחֹזוּ וְהַעֲמֵיד מִשְׁמְרוֹת יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִַם אִישׁ
ד בְּמִשְׁמָרוֹ וְאִישׁ נֶגֶד בֵּיתוֹ׃ וְהָעִיר רַחֲבַת יָדַיִם וּגְדֹלָה
ה וְהָעָם מְעַט בְּתוֹכָהּ וְאֵין בָּתִּים בְּנוּיִם׃ וַיִּתֵּן אֱלֹהַי אֶל־
לִבִּי וָאֶקְבְּצָה אֶת־הַחֹרִים וְאֶת־הַסְּגָנִים וְאֶת־הָעָם לְהִתְיַחֵשׂ
וָאֶמְצָא סֵפֶר הַיַּחַשׂ הָעוֹלִים בָּרִאשׁוֹנָה וָאֶמְצָא כָּתוּב
ו בּוֹ׃ אֵלֶּה ׀ בְּנֵי הַמְּדִינָה הָעֹלִים מִשְּׁבִי הַגּוֹלָה אֲשֶׁר
הֶגְלָה נְבוּכַדְנֶצַּר מֶלֶךְ בָּבֶל וַיָּשׁוּבוּ לִירוּשָׁלִַם וְלִיהוּדָה
ז אִישׁ לְעִירוֹ׃ הַבָּאִים עִם־זְרֻבָּבֶל יֵשׁוּעַ נְחֶמְיָה עֲזַרְיָה
רַעַמְיָה נַחֲמָנִי מָרְדֳּכַי בִּלְשָׁן מִסְפֶּרֶת בִּגְוַי נְחוּם בַּעֲנָה
ח מִסְפַּר אַנְשֵׁי עַם יִשְׂרָאֵל׃ בְּנֵי פַרְעֹשׁ אַלְפַּיִם מֵאָה
ט וְשִׁבְעִים וּשְׁנָיִם׃ בְּנֵי שְׁפַטְיָה שְׁלֹשׁ מֵאוֹת שִׁבְעִים וּשְׁנָיִם׃
י יא בְּנֵי אָרַח שֵׁשׁ מֵאוֹת חֲמִשִּׁים וּשְׁנָיִם׃ בְּנֵי־פַחַת מוֹאָב
לִבְנֵי יֵשׁוּעַ וְיוֹאָב אַלְפַּיִם וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שְׁמֹנָה עָשָׂר׃
יב יג בְּנֵי עֵילָם אֶלֶף מָאתַיִם חֲמִשִּׁים וְאַרְבָּעָה׃ בְּנֵי זַתּוּא שְׁמֹנֶה

ו, יח׳ פתח באתנח   סגול בלא מקף   ז, ג׳ יתיר י

זייער אַראָפּגעפאַלן בײַ זיך אין די אויגן, וואָרום זיי האָבן געזען אַז פון אונדזער גאָט איז געטאָן געוואָרן דידאָזיקע אַרבעט.

[17] אויך האָבן אין יענע טעג די אַדללײַט פון יהודה געשיקט פיל בריוו צו טוֹבִיָהן, און טוֹבִיָהס זײַנען געקומען צו זיי. [18] וואָרום פיל אין יהודה זײַנען געווען געשוואָרענע צו אים, וואָרום ער איז געווען דער איידים פון שכַניָה דעם זון פון אָרַחן, און זײַן זון יהוֹחָנָן האָט גענומען די טאָכטער פון משולָם דעם זון פון בֶּרֶכיָהן. [19] אויך פלעגן זיי דערציילן פאַר מיר זײַנע גוטע מעלות, און מײַנע ווערטער פלעגן זיי אַרויסטראָגן צו אים. כּדי מיך אײַנצושרעקן האָט טוֹבִיָה געשיקט די בריוו.

ז [1] און עס איז געווען, ווי די מויער איז געווען אויפגעבויט, אַזוי האָב איך אַרײַנגעשטעלט די טירן, און די טויערלײַט און די זינגערס און די לוִיִים זײַנען אויפגעזעצט געוואָרן. [2] און איך האָב געגעבן מײַן ברודער חֲנָנִין, און חֲנַנְיָה דעם הויפּטמאַן פון דער פעסטונג, דעם באַפעל איבער ירושָלַיִם; וואָרום ער איז געווען אַן אמתער מענטש, און גאָטספאָרכטיקער פון אַ סך. [3] און איך האָב זיי אָנגעזאָגט: די טויערן פון ירושָלַיִם זאָלן ניט געעפנט ווערן ביז די זון ווערט הייס, און ווען מע איז נאָך אויף, זאָלן זיי צומאַכן די טירן; און פאַרריגלט זיי; און מע זאָל שטעלן וואַכן פון די באַוווינער פון ירושָלַיִם, איטלעכן אויף זײַן וואַך, און איטלעכן אַקעגן זײַן הויז. [4] און די שטאָט איז געווען ברייט און גרויס, און דאָס פאָלק דערין ווייניק, און קיין הײַזער זײַנען ניט געווען געבויט. [5] און מײַן גאָט האָט אַרײַנגעגעבן אין מײַן האַרצן, און איך האָב אײַנגעזאַמלט די אַדללײַט, און די פאָרשטייער, און דאָס פאָלק, זיך צו פאַרצייכענען לויטן יחוס, און איך האָב געפונען דעם יחוס־בריוו פון די וואָס זײַנען אַרויפגעקומען צום ערשטן, און איך האָב געפונען געשריבן דערין:

[6] דאָס זײַנען די קינדער פון דער [ייִדישער] מדינה וואָס זײַנען אַרויפגעגאַנגען פון די גלות־געפאַנגענע וואָס נבוכַדנֶצַר דער מלך פון בָּבל האָט פאַרטריבן, און זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין ירושָלַיִם און קיין יהודה, איטלעכער צו זײַן שטאָט; [7] די וואָס זײַנען געקומען מיט זרוּבָבלן, יֵשוּעַן, נחֶמיָהן, עֲזַריָהן, רַעַמיָהן, נַחמָנין, מָרדכַין, בִּלשָנען, מִספֶּרֶתן, בִּגוַין, נחומען, בַּעֲנָהן.

די צאָל פון די מענער פון די קינדער פון ישׂראל:

[8] די קינדער פון פַּרעוֹש, צוויי טויזנט הונדערט און צוויי און זיבעציק.

[9] די קינדער פון שפַטיָה, דרײַ הונדערט צוויי און זיבעציק.

[10] די קינדער פון אָרַח, זעקס הונדערט צוויי און פופציק.

[11] די קינדער פון פַּחַת־מוֹאָב, פון די קינדער פון יֵשוּעַ און יוֹאָב, צוויי טויזנט און אַכט הונדערט אַכצן.

[12] די קינדער פון עֵילָם, טויזנט צוויי הונדערט פיר און פופציק.

[13] די קינדער פון זַתּוּא, אַכט הונדערט פינף און פערציק.

יד מֵאוֹת אַרְבָּעִים וַחֲמִשָּׁה׃ בְּנֵי זַכָּי שְׁבַע מֵאוֹת וְשִׁשִּׁים׃
טו טז בְּנֵי בִנּוּי שֵׁשׁ מֵאוֹת אַרְבָּעִים וּשְׁמֹנָה׃ בְּנֵי בֵבָי שֵׁשׁ מֵאוֹת
יז עֶשְׂרִים וּשְׁמֹנָה׃ בְּנֵי עַזְגָּד אַלְפַּיִם שְׁלֹשׁ מֵאוֹת עֶשְׂרִים
יח יט וּשְׁנָיִם׃ בְּנֵי אֲדֹנִיקָם שֵׁשׁ מֵאוֹת שִׁשִּׁים וְשִׁבְעָה׃ בְּנֵי
כ בִגְוָי אַלְפַּיִם שִׁשִּׁים וְשִׁבְעָה׃ בְּנֵי עָדִין שֵׁשׁ מֵאוֹת חֲמִשִּׁים
כא כב וַחֲמִשָּׁה׃ בְּנֵי־אָטֵר לְחִזְקִיָּה תִּשְׁעִים וּשְׁמֹנָה׃ בְּנֵי חָשֻׁם
כג שְׁלֹשׁ מֵאוֹת עֶשְׂרִים וּשְׁמֹנָה׃ בְּנֵי בֵצָי שְׁלֹשׁ מֵאוֹת עֶשְׂרִים
כד כה וְאַרְבָּעָה׃ בְּנֵי חָרִיף מֵאָה שְׁנֵים עָשָׂר׃ בְּנֵי גִבְעוֹן תִּשְׁעִים
כו וַחֲמִשָּׁה׃ אַנְשֵׁי בֵית־לֶחֶם וּנְטֹפָה מֵאָה שְׁמֹנִים וּשְׁמֹנָה׃
כז כח אַנְשֵׁי עֲנָתוֹת מֵאָה עֶשְׂרִים וּשְׁמֹנָה׃ אַנְשֵׁי בֵית־עַזְמָוֶת
כט אַרְבָּעִים וּשְׁנָיִם׃ אַנְשֵׁי קִרְיַת יְעָרִים כְּפִירָה וּבְאֵרוֹת
ל שְׁבַע מֵאוֹת אַרְבָּעִים וּשְׁלֹשָׁה׃ אַנְשֵׁי הָרָמָה וָגָבַע שֵׁשׁ
לא מֵאוֹת עֶשְׂרִים וְאֶחָד׃ אַנְשֵׁי מִכְמָס מֵאָה וְעֶשְׂרִים וּשְׁנָיִם׃
לב לג אַנְשֵׁי בֵית־אֵל וְהָעָי מֵאָה עֶשְׂרִים וּשְׁלֹשָׁה׃ אַנְשֵׁי נְבוֹ
לד אַחֵר חֲמִשִּׁים וּשְׁנָיִם׃ בְּנֵי עֵילָם אַחֵר אֶלֶף מָאתַיִם
לה לו חֲמִשִּׁים וְאַרְבָּעָה׃ בְּנֵי חָרִם שְׁלֹשׁ מֵאוֹת וְעֶשְׂרִים׃ בְּנֵי
לז יְרֵחוֹ שְׁלֹשׁ מֵאוֹת אַרְבָּעִים וַחֲמִשָּׁה׃ בְּנֵי לֹד חָדִיד וְאוֹנוֹ
לח שְׁבַע מֵאוֹת וְעֶשְׂרִים וְאֶחָד׃ בְּנֵי סְנָאָה שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים
לט תְּשַׁע מֵאוֹת וּשְׁלֹשִׁים׃ הַכֹּהֲנִים בְּנֵי יְדַעְיָה לְבֵית יֵשׁוּעַ
מ תְּשַׁע מֵאוֹת שִׁבְעִים וּשְׁלֹשָׁה׃ בְּנֵי אִמֵּר אֶלֶף חֲמִשִּׁים
מא וּשְׁנָיִם׃ בְּנֵי פַשְׁחוּר אֶלֶף מָאתַיִם אַרְבָּעִים וְשִׁבְעָה׃
מב מג בְּנֵי חָרִם אֶלֶף שִׁבְעָה עָשָׂר׃ הַלְוִיִּם בְּנֵי־יֵשׁוּעַ לְקַדְמִיאֵל
מד לִבְנֵי לְהוֹדְוָה שִׁבְעִים וְאַרְבָּעָה׃ הַמְשֹׁרְרִים בְּנֵי אָסָף
מה מֵאָה אַרְבָּעִים וּשְׁמֹנָה׃ הַשֹּׁעֲרִים בְּנֵי־שַׁלֻּם בְּנֵי־אָטֵר
בְּנֵי־טַלְמֹן בְּנֵי־עַקּוּב בְּנֵי חֲטִיטָא בְּנֵי שֹׁבָי מֵאָה שְׁלֹשִׁים
מו מז וּשְׁמֹנָה׃ הַנְּתִינִים בְּנֵי־צִחָא בְנֵי־חֲשֻׂפָא בְּנֵי טַבָּעוֹת׃ בְּנֵי־
מח קֵירֹס בְּנֵי־סִיעָא בְּנֵי פָדוֹן׃ בְּנֵי־לְבָנָה בְנֵי־חֲגָבָא בְּנֵי
מט נ שַׁלְמָי׃ בְּנֵי־חָנָן בְּנֵי־גִדֵּל בְּנֵי־גָחַר׃ בְּנֵי־רְאָיָה בְנֵי־רְצִין
נא נב בְּנֵי נְקוֹדָא׃ בְּנֵי־גַזָּם בְּנֵי־עֻזָּא בְּנֵי פָסֵחַ׃ בְּנֵי־בֵסַי בְּנֵי־

14 די קינדער פון זַכַּי, זיבן הונדערט און זעכציק.
15 די קינדער פון בִּנוּי, זעקס הונדערט אַכט און פערציק.
16 די קינדער פון בֵּבָי, זעקס הונדערט אַכט און צוואַנציק.
17 די קינדער פון עַזגָד, צוויי טויזנט דריי הונדערט צוויי און צוואַנציק.
18 די קינדער פון אַדוֹניקָם, זעקס הונדערט זיבן און זעכציק.
19 די קינדער פון בִּגוַי, צוויי טויזנט זיבן און זעכציק.
20 די קינדער פון עָדִין, זעקס הונדערט פינף און פופציק.
21 די קינדער פון אָטֵר, פון חִזקִיָהן, אַכט און ניינציק.
22 די קינדער פון חָשוּם, דריי הונדערט אַכט און צוואַנציק.
23 די קינדער פון בֵּצָי, דריי הונדערט פיר און צוואַנציק.
24 די קינדער פון חָרִיף, הונדערט צוועלף.
25 די קינדער פון גִבעוֹן, פינף און ניינציק.
26 די מענטשן פון בֵּית־לֶחֶם און נטוֹפָה, הונדערט אַכט און אַכציק.
27 די מענטשן פון עֲנָתוֹת, הונדערט אַכט און צוואַנציק.
28 די מענטשן פון בֵּית־עַזמָוֶת, צוויי און פערציק.
29 די מענטשן פון קִריַת־יעָרים, כּפִירָה, און בּאֵרוֹת, זיבן הונדערט דריי און פערציק.
30 די מענטשן פון רָמָה און גֶבַע, זעקס הונדערט איין און צוואַנציק.
31 די מענטשן פון מִכמָס, הונדערט און צוויי און צוואַנציק.
32 די מענטשן פון בֵּית־אֵל און עַי, הונדערט דריי און צוואַנציק.
33 די מענטשן פון דער אַנדער נבוֹ, צוויי און פופציק.
34 די קינדער פון דער אַנדער עֵילָם, טויזנט צוויי הונדערט פיר און פופציק.
35 די קינדער פון חָרִם, דריי הונדערט און צוואַנציק.
36 די קינדער פון יריחוֹ, דריי הונדערט פינף און פערציק.
37 די קינדער פון לוֹד, חָדִיד, און אוֹנוֹ, זיבן הונדערט און איין און צוואַנציק.
38 די קינדער פון סנָאָהן, דריי טויזנט ניין הונדערט און דרייסיק.

39 די כֹּהנים:
די קינדער פון ידַעְיָה, פון דעם הויז פון יֵשוּעַ, ניין הונדערט דריי און זיבעציק.
40 די קינדער פון אִמֵר, טויזנט צוויי און פופציק.
41 די קינדער פון פַּשחוּר, טויזנט צוויי הונדערט זיבן און פערציק.
42 די קינדער פון חָרִם, טויזנט זיבעצן.

43 די לְוִיִים:
די קינדער פון יֵשוּעַ, פון קַדמיאֵלן, פון די קינדער פון הוֹדְוָה, פיר און זיבעציק.

44 די זינגערס:
די קינדער פון אָסָף, הונדערט אַכט און פערציק.

45 די טויערלייט:
די קינדער פון שַלוּם, די קינדער פון אָטֵר, די קינדער פון טַלמוֹן, די קינדער פון עַקוּב, די קינדער פון חֲטִיטָא, די קינדער פון שוֹבָי – הונדערט אַכט און דרייסיק.

46 די נתינים:
די קינדער פון ציחָא, די קינדער פון חֲשוּפָא, די קינדער פון טַבָּעוֹת; 47 די קינדער פון קֵירוֹס, די קינדער פון סיעָא, די קינדער פון פָּדוֹן; 48 די קינדער פון לבָנָה, די קינדער פון חֲגָבָא, די קינדער פון שַלמַי; 49 די קינדער פון חָנָן, די קינדער פון גִדֵל, די קינדער פון גַחַר; 50 די קינדער פון ראָיָה, די קינדער פון רצין, די קינדער פון נקוֹדָא; 51 די קינדער פון גַזָם, די קינדער פון עוזָא, די קינדער פון פָּסֵחַ; 52 די קינדער פון בֵּסַי, די קינדער פון

מְעוּנִים, די קינדער פון נפישסים; [53] די קינדער פון בַּקבּוק, די קינדער פון חַקופָא, די קינדער פון חַרחור; [54] די קינדער פון בַּצלית, די קינדער פון מחידָא, די קינדער פון חַרשָא; [55] די קינדער פון בַּרקוֹס, די קינדער פון סיסרָא, די קינדער פון תָּמַח; [56] די קינדער פון נציחַ, די קינדער פון חַטיפָא.

[57] די קינדער פון שלמהס קנעכט:

די קינדער פון סוֹטַי, די קינדער פון סוֹפֶרֶת, די קינדער פון פרידָא; [58] די קינדער פון יַעלָא, די קינדער פון דַרקון, די קינדער פון גִדֵל; [59] די קינדער פון שפַטיָה, די קינדער פון חַטיל, די קינדער פון פּוֹכֶרֶת־הַצְבָיִים, די קינדער פון אָמוֹן.

[60] אַלע נתינים און די קינדער פון שלמהס קנעכט: דריי הונדערט צוויי און נײַנציק.

[61] און דאָס זײַנען די וואָס זײַנען אַרויפגעגאַנגען פון תֵּל־מֶלַח, תֵּל־חַרשָא, כּרוב, אַדון, און אִמֵר, און האָבן ניט געקענט זאָגן זייער פאָטערהויז און זייער אָפּשטאַם, אויב זיי זײַנען פון ישׂראל:

[62] די קינדער פון דלָיָה, די קינדער פון טוֹבִיָה, די קינדער פון נקוֹדָא — זעקס הונדערט און צוויי און פערציק.

[63] און פון די כּהנים: די קינדער פון חָבַיָה, די קינדער פון הַקוֹץ, די קינדער פון בַּרזִלַי וואָס האָט גענומען אַ ווײַב פון די טעכטער פון בַּרזִלַי פון גִלעָד, און איז גערופן געוואָרן אויף זייער נאָמען.

[64] דידאָזיקע האָבן געזוכט זייער יחוס־בריוו, און ער איז ניט געפונען געוואָרן, און זיי זײַנען געהאַלטן געוואָרן פאַר אומווערדיק צו דער כּהונה. [65] און דער תִּרשָתָא האָט זיי פאַרזאָגט, אַז זיי זאָלן ניט עסן פון דעם גאָר הייליקן, ביז אַ כֹּהן וועט אויפשטיין מיט אורים־ותומים.

[66] די גאַנצע עדה אין איינעם איז געווען צוויי און פערציק טויזנט דריי הונדערט און זעכציק; [67] אַחוץ זייערע קנעכט און זייערע דינסטן; דידאָזיקע זײַנען געווען זיבן טויזנט דריי הונדערט זיבן און דרײַסיק. און זיי האָבן געהאַט זינגערס און זינגערינס צוויי הונדערט און פינף און פערציק. [68] זייערע פערד זײַנען געווען זיבן הונדערט זעקס און דרײַסיק; זייערע מוילאייזלען, צוויי הונדערט פינף און פערציק; [69] קעמלען פיר הונדערט פינף און דרײַסיק; אייזלען, זעקס טויזנט זיבן הונדערט און צוואַנציק.

[70] און טייל פון צווישן די הויפּטן פון די פאָטערהײַזער האָבן געשאָנקען פאַר דער אַרבעט. דער תִּרשָתָא האָט געגעבן פאַר דעם שאַץ, גאָלד טויזנט דַרכּמוֹנים, שפּרענגבעקנס פופציק, העמדלעך פאַר די כּהנים פינף הונדערט און דרײַסיק. [71] און טייל פון די הויפּטן פון די פאָטערהײַזער האָבן געגעבן פאַר דעם שאַץ פון דער אַרבעט, גאָלד צוואַנציק

נג מְעוּנִים בְּנֵי נְפוּשְׁסִים׃ בְּנֵי־בַקְבּוּק בְּנֵי־חֲקוּפָא בְּנֵי חַרְחוּר׃
נד נה בְּנֵי־בַצְלוּת בְּנֵי־מְחִידָא בְּנֵי חַרְשָׁא׃ בְּנֵי־בַרְקוֹס בְּנֵי־
נו נז סִיסְרָא בְּנֵי־תָמַח׃ בְּנֵי נְצִיחַ בְּנֵי חֲטִיפָא׃ בְּנֵי עַבְדֵי
נח שְׁלֹמֹה בְּנֵי־סוֹטַי בְּנֵי־סֹפֶרֶת בְּנֵי פְרִידָא׃ בְּנֵי־יַעְלָא בְנֵי־
נט דַרְקוֹן בְּנֵי גִדֵּל׃ בְּנֵי שְׁפַטְיָה בְנֵי־חַטִּיל בְּנֵי פֹּכֶרֶת
ס הַצְּבָיִים בְּנֵי אָמוֹן׃ כָּל־הַנְּתִינִים וּבְנֵי עַבְדֵי שְׁלֹמֹה שְׁלֹשׁ
סא מֵאוֹת תִּשְׁעִים וּשְׁנָיִם׃ וְאֵלֶּה הָעוֹלִים מִתֵּל מֶלַח תֵּל
חַרְשָׁא כְּרוּב אַדּוֹן וְאִמֵּר וְלֹא יָכְלוּ לְהַגִּיד בֵּית־אֲבוֹתָם
סב וְזַרְעָם אִם מִיִּשְׂרָאֵל הֵם׃ בְּנֵי־דְלָיָה בְנֵי־טוֹבִיָּה בְּנֵי
סג נְקוֹדָא שֵׁשׁ מֵאוֹת וְאַרְבָּעִים וּשְׁנָיִם׃ וּמִן־הַכֹּהֲנִים בְּנֵי
חֳבַיָּה בְּנֵי הַקּוֹץ בְּנֵי בַרְזִלַּי אֲשֶׁר לָקַח מִבְּנוֹת בַּרְזִלַּי
סד הַגִּלְעָדִי אִשָּׁה וַיִּקָּרֵא עַל־שְׁמָם׃ אֵלֶּה בִּקְשׁוּ כְתָבָם
סה הַמִּתְיַחְשִׂים וְלֹא נִמְצָא וַיְגֹאֲלוּ מִן־הַכְּהֻנָּה׃ וַיֹּאמֶר
הַתִּרְשָׁתָא לָהֶם אֲשֶׁר לֹא־יֹאכְלוּ מִקֹּדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים עַד עֲמֹד
סו הַכֹּהֵן לְאוּרִים וְתֻמִּים׃ כָּל־הַקָּהָל כְּאֶחָד אַרְבַּע רִבּוֹא
סז אַלְפַּיִם שְׁלֹשׁ־מֵאוֹת וְשִׁשִּׁים׃ מִלְּבַד עַבְדֵיהֶם וְאַמְהֹתֵיהֶם
אֵלֶּה שִׁבְעַת אֲלָפִים שְׁלֹשׁ מֵאוֹת שְׁלֹשִׁים וְשִׁבְעָה וְלָהֶם
סח מְשֹׁרְרִים וּמְשֹׁרְרוֹת מָאתַיִם וְאַרְבָּעִים וַחֲמִשָּׁה׃ * גְּמַלִּים
אַרְבַּע מֵאוֹת שְׁלֹשִׁים וַחֲמִשָּׁה חֲמֹרִים שֵׁשֶׁת
סט אֲלָפִים שְׁבַע מֵאוֹת וְעֶשְׂרִים׃ וּמִקְצָת רָאשֵׁי הָאָבוֹת
נָתְנוּ לַמְּלָאכָה הַתִּרְשָׁתָא נָתַן לָאוֹצָר זָהָב דַּרְכְּמֹנִים
אֶלֶף מִזְרָקוֹת חֲמִשִּׁים כָּתְנוֹת כֹּהֲנִים שְׁלֹשִׁים וַחֲמֵשׁ
ע מֵאוֹת׃ וּמֵרָאשֵׁי הָאָבוֹת נָתְנוּ לְאוֹצַר הַמְּלָאכָה
זָהָב דַּרְכְּמוֹנִים שְׁתֵּי רִבּוֹת וְכֶסֶף מָנִים אַלְפַּיִם וּמָאתָיִם׃

נב׳ נפישסים קרי   נד׳ בצלית קרי   סג׳ סבירין לאשה

* כאן נמצא בספרים פסוק זה בטעות שנשתרבב מעזרא ב,סו׳:
סוּסֵיהֶם שְׁבַע מֵאוֹת שְׁלֹשִׁים וְשִׁשָּׁה פִּרְדֵיהֶם מָאתַיִם
אַרְבָּעִים וַחֲמִשָּׁה׃

עא וַאֲשֶׁר נָתְנוּ שְׁאֵרִית הָעָם זָהָב דַּרְכְּמוֹנִים שְׁתֵּי רִבּוֹא וְכֶסֶף
עב מָנִים אַלְפָּיִם וְכָתְנֹת כֹּהֲנִים שִׁשִּׁים וְשִׁבְעָה׃ וַיֵּשְׁבוּ
הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם וְהַשּׁוֹעֲרִים וְהַמְשֹׁרְרִים וּמִן־הָעָם וְהַנְּתִינִים
וְכָל־יִשְׂרָאֵל בְּעָרֵיהֶם וַיַּגַּע הַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל
בְּעָרֵיהֶם׃

ח

א וַיֵּאָסְפוּ כָל־הָעָם כְּאִישׁ אֶחָד אֶל־הָרְחוֹב אֲשֶׁר לִפְנֵי
שַׁעַר־הַמָּיִם וַיֹּאמְרוּ לְעֶזְרָא הַסֹּפֵר לְהָבִיא אֶת־סֵפֶר תּוֹרַת
ב מֹשֶׁה אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה אֶת־יִשְׂרָאֵל׃ וַיָּבִיא עֶזְרָא הַכֹּהֵן
אֶת־הַתּוֹרָה לִפְנֵי הַקָּהָל מֵאִישׁ וְעַד־אִשָּׁה וְכֹל מֵבִין לִשְׁמֹעַ
ג בְּיוֹם אֶחָד לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי׃ וַיִּקְרָא־בוֹ לִפְנֵי הָרְחוֹב
אֲשֶׁר ׀ לִפְנֵי שַׁעַר־הַמַּיִם מִן־הָאוֹר עַד־מַחֲצִית הַיּוֹם נֶגֶד
הָאֲנָשִׁים וְהַנָּשִׁים וְהַמְּבִינִים וְאָזְנֵי כָל־הָעָם אֶל־סֵפֶר
ד הַתּוֹרָה׃ וַיַּעֲמֹד עֶזְרָא הַסֹּפֵר עַל־מִגְדַּל־עֵץ אֲשֶׁר עָשׂוּ
לַדָּבָר וַיַּעֲמֹד אֶצְלוֹ מַתִּתְיָה וְשֶׁמַע וַעֲנָיָה וְאוּרִיָּה וְחִלְקִיָּה
וּמַעֲשֵׂיָה עַל־יְמִינוֹ וּמִשְּׂמֹאלוֹ פְּדָיָה וּמִישָׁאֵל וּמַלְכִּיָּה
ה וְחָשֻׁם וְחַשְׁבַּדָּנָה זְכַרְיָה מְשֻׁלָּם׃ וַיִּפְתַּח עֶזְרָא הַסֵּפֶר
לְעֵינֵי כָל־הָעָם כִּי־מֵעַל כָּל־הָעָם הָיָה וּכְפִתְחוֹ עָמְדוּ כָל־
ו הָעָם׃ וַיְבָרֶךְ עֶזְרָא אֶת־יְהוָה הָאֱלֹהִים הַגָּדוֹל וַיַּעֲנוּ כָל־
הָעָם אָמֵן ׀ אָמֵן בְּמֹעַל יְדֵיהֶם וַיִּקְּדוּ וַיִּשְׁתַּחֲוֻּ לַיהוָה אַפַּיִם
ז אָרְצָה׃ וְיֵשׁוּעַ וּבָנִי וְשֵׁרֵבְיָה ׀ יָמִין עַקּוּב שַׁבְּתַי ׀ הוֹדִיָּה
מַעֲשֵׂיָה קְלִיטָא עֲזַרְיָה יוֹזָבָד חָנָן פְּלָאיָה וְהַלְוִיִּם מְבִינִים
ח אֶת־הָעָם לַתּוֹרָה וְהָעָם עַל־עָמְדָם׃ וַיִּקְרְאוּ בַסֵּפֶר בְּתוֹרַת
הָאֱלֹהִים מְפֹרָשׁ וְשׂוֹם שֶׂכֶל וַיָּבִינוּ בַּמִּקְרָא׃
ט וַיֹּאמֶר נְחֶמְיָה הוּא הַתִּרְשָׁתָא וְעֶזְרָא הַכֹּהֵן ׀ הַסֹּפֵר וְהַלְוִיִּם
הַמְּבִינִים אֶת־הָעָם לְכָל־הָעָם הַיּוֹם קָדֹשׁ הוּא לַיהוָה
אֱלֹהֵיכֶם אַל־תִּתְאַבְּלוּ וְאַל־תִּבְכּוּ כִּי בוֹכִים כָּל־הָעָם
י כְּשָׁמְעָם אֶת־דִּבְרֵי הַתּוֹרָה׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם לְכוּ אִכְלוּ

טויזנט דַרכּמונים, און זילבער צוויי טויזנט און צוויי הונדערט מָנֶה. [72] און וואָס דאָס איבעריקע פאָלק האָט געגעבן איז געווען: גאָלד, צוואַנציק טויזנט דַרכּמונים, און זילבער צוויי טויזנט מָנֶה, און העמדלעך פאַר די כּהנים זיבן און זעכציק.

[73] און די כּהנים און די לוִיִם, און די טויערלייט, און די זינגערס, און טייל פון דעם פאָלק, און די נתינים, און גאַנץ ישׂראל, האָבן זיך באַזעצט אין זייערע שטעט.

ח

און אַז דער זיבעטער חודש איז געקומען, און די קינדער פון ישׂראל זיינען געווען אין זייערע שטעט, [1] האָט זיך דאָס גאַנצע פאָלק אַיינגעזאַמלט אַזוי ווי איין מאַן אויף דעם ברייטן פּלאַץ וואָס פאַר דעם וואַסערטויער, און זיי האָבן גערעדט צו עזרא דעם שרייבער, צו ברענגען דאָס בוך פון תּורת־משה וואָס גאָט האָט באַפוילן ישׂראל. [2] און עזרא דער כּהן האָט געבראַכט די תּורה פאַר דער אַיינזאַמלונג, מענער און ווייבער, און אַלע וואָס האָבן געקענט פאַרשטיין, אין ערשטן טאָג פון זיבעטן חודש. [3] און ער האָט דערפון געלייענט פאַר דעם ברייטן פּלאַץ וואָס פאַר דעם וואַסערטויער פון באַגינען ביז האַלבן טאָג, פאַר די מענער און די ווייבער, און די וואָס האָבן פאַרשטאַנען; און די אויערן פון דעם גאַנצן פאָלק זיינען געווען צו דעם בוך פון דער תּורה. [4] און עזרא דער שרייבער איז געשטאַנען אויף אַ הילצערנעם באַלמעמער וואָס מע האָט געמאַכט פאַר דער זאַך, און לעבן אים איז געשטאַנען מַתִּתיָה, און שֶׁמַע, און עֲנָיָה, און אורִיָה, און חִלקִיָה, און מַעֲשֵׂיָה, אויף זיין רעכטער זייט; און פון זיין לינקער זייט, פְּדָיָה, און מישָאֵל, און מַלכִּיָה, און חָשום, און חַשבַּדָנָה, זכַריָה, משולָם. [5] און עזרא האָט געעפנט דאָס בוך פאַר די אויגן פון גאַנצן פאָלק, וואָרום ער איז געווען איבער דעם גאַנצן פאָלק; און ווי ער האָט אויפגעעפנט, האָט דאָס גאַנצע פאָלק זיך אויפגעשטעלט. [6] און עזרא האָט געלויבט יהוה דעם גרויסן גאָט, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט: „אָמן! אָמן!" מיט אויפגעהויבענע הענט, און זיי האָבן זיך געבייגט און זיך געבוקט צו גאָט מיטן פּנים צו דער ערד. [7] און יֵשוּעַ, און בָּני, און שֵׁרֵביָה, יָמין, עַקוב, שַׁבּתַי, הודִיָה, מַעֲשֵׂיָה, קליטאָ, עֲזַריָה, יוזָבָד, חָנָן, פּלאָיָה, די לוִיִם, האָבן געגעבן דעם פאָלק צו פאַרשטיין די תּורה, און דאָס פאָלק איז געשטאַנען אויף זייער אָרט. [8] און זיי האָבן געלייענט פון דער תּורה פון גאָט קלאָר, און געמאַכט שׂכלדיק און געגעבן צו פאַרשטיין דאָס געלייענטע.

[9] און נְחֶמיָה, דאָס איז דער תִּרשָׁתאָ, און עזרא דער כּהן, דער שרייבער, און די לוִיִם וואָס האָבן געגעבן דעם פאָלק צו פאַרשטיין, האָבן געזאָגט צום גאַנצן פאָלק: היינטיקער טאָג איז הייליק צו יהוה אַייער גאָט; איר זאָלט ניט טרויערן און ניט וויינען. וואָרום דאָס גאַנצע פאָלק האָט געוויינט, אַז זיי האָבן געהערט די ווערטער פון דער תּורה. [10] און ער האָט צו

זיי געזאָגט: גייט עסט פעטע שפּייזן, און טרינקט זיסע גע־
טראַנקען, און שיקט חלקים צו דעם וואָס ביי אים איז ניט
אָנגעגרייט, וואָרום דער טאָג איז הייליק צו אונדזער גאָט;
און איר זאָלט אײַך ניט קלעמען, וואָרום די פרייד פון
גאָט איז אײַער שטאַרקייט. [11] און די לוִיִים האָבן אײַנגע־
שטילט דאָס גאַנצע פאָלק, אַזוי צו זאָגן: זייט שטיל, וואָרום
דער טאָג איז הייליק, און איר זאָלט אײַך ניט קלעמען.
[12] און דאָס גאַנצע פאָלק איז געגאַנגען עסן און טרינקען,
און זיך שיקן חלקים, און מאַכן אַ גרויסע שמחה, וואָרום
זיי האָבן פאַרשטאַנען די ווערטער וואָס מע האָט זיי גע־
לערנט.
[13] און אויפן צווייטן טאָג האָבן זיך אײַנגעזאַמלט די
הויפּטן פון די פאָטערהייזער פון דעם גאַנצן פאָלק, די
כּהנים, און די לוִיִים, צו עזרא דעם שרייבער, כּדי זיך צו
קלוגן אין די ווערטער פון דער תּורה. [14] און זיי האָבן
געפונען געשריבן אין דער תּורה וואָס גאָט האָט באַפוילן
דורך משהן, אַז די קינדער פון ישׂראל זאָלן זיצן אין סוכּות
אין דעם יום־טוב פון זיבעטן חודש; [15] און אַז זיי זאָלן
באַקאַנט מאַכן און אַרויסלאָזן אַן אויסרוף אין אַלע זייערע
שטעט, און אין ירושלים, אַזוי צו זאָגן: גייט אַרויס אין די
בערג, און ברענגט איילבערטצווייגן, און איילבוימצווייגן,
און מירטנצווייגן, און טייטלצווייגן, און צווייגן פון געדיכטע
ביימער, צו מאַכן סוכּות אַזוי ווי עס שטייט געשריבן.
[16] איז דאָס פאָלק אַרויסגעגאַנגען, און זיי האָבן גע־
בראַכט, און האָבן געמאַכט סוכּות איטלעכער אויף זיין
דאַך, און אין זייערע הויפן, און אין די הויפן פון גאָטס הויז, און אויף דעם ברייטן פּלאַץ פון וואַסערטויער, און
אויף דעם ברייטן פּלאַץ פון טויער פון אפרים. [17] און די גאַנצע עדה וואָס האָט זיך אומגעקערט פון געפאַנגענשאַפט
האָט געמאַכט סוכּות, און זיי זיינען געזעסן אין סוכּות; וואָרום די קינדער פון ישׂראל האָבן אַזוי ניט געטאָן פון די טעג
פון יֵשוּעַ דעם זון פון נון אָן ביז אויף יענעם טאָג. און עס איז געווען זייער אַ גרויסע שמחה. [18] און ער האָט געלייענט
פון דעם בוך פון גאָטס תּורה טאָג אין טאָג, פון ערשטן טאָג ביזן לעצטן טאָג; און זיי האָבן געמאַכט יום־טוב זיבן טעג,
און אויפן אַכטן טאָג אַ הייליקע אײַנזאַמלונג, אַזוי ווי דער דין.

מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים וְשִׁלְחוּ מָנוֹת לְאֵין נָכוֹן לוֹ כִּי־
קָדוֹשׁ הַיּוֹם לַאֲדֹנֵינוּ וְאַל־תֵּעָצֵבוּ כִּי־חֶדְוַת יְהוָה הִיא
יא מָעֻזְּכֶם׃ וְהַלְוִיִּם מַחְשִׁים לְכָל־הָעָם לֵאמֹר הַסּוּ כִּי הַיּוֹם
יב קָדֹשׁ וְאַל תֵּעָצֵבוּ׃ וַיֵּלְכוּ כָל־הָעָם לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת
וּלְשַׁלַּח מָנוֹת וְלַעֲשׂוֹת שִׂמְחָה גְדוֹלָה כִּי הֵבִינוּ בַּדְּבָרִים
יג אֲשֶׁר הוֹדִיעוּ לָהֶם׃ וּבַיּוֹם הַשֵּׁנִי נֶאֶסְפוּ רָאשֵׁי
הָאָבוֹת לְכָל־הָעָם הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם אֶל־עֶזְרָא הַסֹּפֵר
יד וּלְהַשְׂכִּיל אֶל־דִּבְרֵי הַתּוֹרָה׃ וַיִּמְצְאוּ כָּתוּב בַּתּוֹרָה אֲשֶׁר
צִוָּה יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה אֲשֶׁר יֵשְׁבוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בַּסֻּכּוֹת
טו בֶּחָג בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי׃ וַאֲשֶׁר יַשְׁמִיעוּ וְיַעֲבִירוּ קוֹל בְּכָל־
עָרֵיהֶם וּבִירוּשָׁלַםִ לֵאמֹר צְאוּ הָהָר וְהָבִיאוּ עֲלֵי־זַיִת
וַעֲלֵי עֵץ־שֶׁמֶן וַעֲלֵי הֲדַס וַעֲלֵי תְמָרִים וַעֲלֵי עֵץ עָבֹת
טז לַעֲשֹׂת סֻכֹּת כַּכָּתוּב׃ וַיֵּצְאוּ הָעָם וַיָּבִיאוּ וַיַּעֲשׂוּ לָהֶם
סֻכּוֹת אִישׁ עַל־גַּגּוֹ וּבְחַצְרֹתֵיהֶם וּבְחַצְרוֹת בֵּית הָאֱלֹהִים
יז וּבִרְחוֹב שַׁעַר הַמַּיִם וּבִרְחוֹב שַׁעַר אֶפְרָיִם׃ וַיַּעֲשׂוּ כָל־
הַקָּהָל הַשָּׁבִים מִן־הַשְּׁבִי ׀ סֻכּוֹת וַיֵּשְׁבוּ בַסֻּכּוֹת כִּי לֹא־
עָשׂוּ מִימֵי יֵשׁוּעַ בִּן־נוּן כֵּן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עַד הַיּוֹם הַהוּא וַתְּהִי
יח שִׂמְחָה גְּדוֹלָה מְאֹד׃ וַיִּקְרָא בְּסֵפֶר תּוֹרַת הָאֱלֹהִים יוֹם ׀
בְּיוֹם מִן־הַיּוֹם הָרִאשׁוֹן עַד הַיּוֹם הָאַחֲרוֹן וַיַּעֲשׂוּ־חָג שִׁבְעַת
יָמִים וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי עֲצֶרֶת כַּמִּשְׁפָּט׃

ט

א וּבְיוֹם עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה לַחֹדֶשׁ הַזֶּה נֶאֶסְפוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל
ב בְּצוֹם וּבְשַׂקִּים וַאֲדָמָה עֲלֵיהֶם׃ וַיִּבָּדְלוּ זֶרַע יִשְׂרָאֵל מִכֹּל
בְּנֵי נֵכָר וַיַּעַמְדוּ וַיִּתְוַדּוּ עַל־חַטֹּאתֵיהֶם וַעֲוֹנוֹת אֲבֹתֵיהֶם׃
ג וַיָּקוּמוּ עַל־עָמְדָם וַיִּקְרְאוּ בְּסֵפֶר תּוֹרַת יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם
רְבִעִית הַיּוֹם וּרְבִעִית מִתְוַדִּים וּמִשְׁתַּחֲוִים לַיהוָה אֱלֹהֵיהֶם׃
ד וַיָּקָם עַל־מַעֲלֵה הַלְוִיִּם יֵשׁוּעַ וּבָנִי קַדְמִיאֵל שְׁבַנְיָה

ח, י׳ א׳ נסה

ט

[1] און אין פיר און צוואַנציקסטן טאָג פון דעמדאָזיקן חודש האָבן זיך אײַנגעזאַמלט די קינדער פון ישׂראל מיט
פאַסטן, און מיט זאַק און ערד אויף זיך. [2] און די קינדער פון ישׂראל האָבן זיך אָפּגעשיידט פון אַלע פרעמד־
געבאָרענע, און זיי זיינען געשטאַנען און האָבן זיך מתוודה געווען אויף זייערע זינד, און די פאַרברעכן פון זייערע
עלטערן. [3] און זיי זיינען געשטאַנען אויף זייער אָרט און האָבן געלייענט אין דעם בוך פון דער תּורה פון יהוה זייער
גאָט אַ פערטל טאָג, און אַ פערטל טאָג האָבן זיי זיך מתוודה געווען, און זיך געבוקט צו יהוה זייער גאָט. [4] און יֵשוּעַ,

בני שרביה בני כנני ויזעקו בקול גדול אל־יהוה אלהיהם׃
ה ויאמרו הלוים ישוע וקדמיאל בני חשבניה שרביה
הודיה שבניה פתחיה קומו ברכו את־יהוה אלהיכם מן־
העולם עד־העולם ויברכו שם כבדך ומרומם על־כל־
ו ברכה ותהלה׃ אתה־הוא יהוה לבדך את עשית את־
השמים שמי השמים וכל־צבאם הארץ וכל־אשר עליה
הימים וכל־אשר בהם ואתה מחיה את־כלם וצבא
ז השמים לך משתחוים׃ אתה הוא יהוה האלהים אשר
בחרת באברם והוצאתו מאור כשדים ושמת שמו
ח אברהם׃ ומצאת את־לבבו נאמן לפניך וכרות עמו
הברית לתת את־ארץ הכנעני החתי האמרי והפרזי
והיבוסי והגרגשי לתת לזרעו ותקם את־דבריך כי צדיק
ט אתה׃ ותרא את־עני אבתינו במצרים ואת־זעקתם שמעת
י על־ים־סוף׃ ותתן אתת ומפתים בפרעה ובכל־עבדיו
ובכל־עם ארצו כי ידעת כי הזידו עליהם ותעש־לך שם
יא כהיום הזה׃ והים בקעת לפניהם ויעברו בתוך־הים
ביבשה ואת־רדפיהם השלכת במצולת כמו־אבן במים
יב עזים׃ ובעמוד ענן הנחיתם יומם ובעמוד אש לילה
יג להאיר להם את־הדרך אשר ילכו־בה׃ ועל הר־סיני
ירדת ודבר עמהם משמים ותתן להם משפטים ישרים
יד ותורות אמת חקים ומצות טובים׃ ואת־שבת קדשך
הודעת להם ומצוות וחקים ותורה צוית להם ביד משה
טו עבדך׃ ולחם משמים נתת להם לרעבם ומים מסלע
הוצאת להם לצמאם ותאמר להם לבוא לרשת את־
טז הארץ אשר־נשאת את־ידך לתת להם׃ והם ואבתינו
יז הזידו ויקשו את־ערפם ולא שמעו אל־מצותיך׃ וימאנו
לשמע ולא־זכרו נפלאתיך אשר עשית עמהם ויקשו את־

---

ו׳ אתה קרי    ז׳ בס״א אשר בחרת ׳רם ׳תו....׳דים

און בָּני, קַדמיאֵל, שבַניָה, בוּני, שֵׁרֵביָה, בָּני, כּנָני, האָבן זיך אויפגעשטעלט אויף דער בּימה פון די לוִיִים, און זיי האָבן געשריען אויף אַ הויכן קָול צו יהוה זייער גאָט.

[5] און די לוִיִים, יֵשוּעַ, און קַדמיאֵל, בָּני, חֲשַׁבנְיָה, שֵׁרֵביָה, הוֹדִיָה, שבַניָה, פּתַחיָה, האָבן געזאָגט: שטייט אויף, לויבּט יהוה אײַער גאָט פון אייבּיק בּיז אייבּיק; און לאָז מען לויבּן דיין פּראַכטיקן נאָמען וואָס איז דערהויבּן איבּער יעטוועדער לויבּ און רימונג.

[6] דו יהוה בּיסט אַליין; דו האָסט געמאַכט די הימלען, די הימלען פון די הימלען, און זייער גאַנצן חיל, די ערד און אַלץ וואָס אויף איר, די ימען און אַלץ וואָס אין זיי, און דו האַלטסט זיי אַלעמען אויף, און דער חיל פון הימל בּוקט זיך צו דיר. [7] דו בּיסט יהוה דער גאָט וואָס האָסט אויסדערוויילט אַבְרָמען, און אים אַרויסגעצויגן פון אור־כַּשׂדים, און געמאַכט זיין נאָמען אַבְרָהָם. [8] און האָסט געפונען זיין האַרץ געטריי פאַר דיר, און האָסט געשלאָסן מיט אים אַ בּונד צו געבּן דאָס לאַנד פון דעם כּנַעֲני, דעם חִתי, דעם אֱמוֹרי, און דעם פּרִזי, און דעם יבוּסי, און דעם גִרגָשי — עס צו געבּן צו זיין זאָמען; און האָסט מקיים געווען דיינע ווערטער, וואָרום אַ גערעכטער בּיסטו. [9] און דו האָסט געזען די פּיין פון אונדזערע עלטערן אין מִצרַיִם, און האָסט געהערט זייער געשריי בּיים ים־סוּף. [10] און האָסט געמאַכט צייכנס און וווּנדער אויף פַּרעהן, און אויף אַלע זיינע קנעכט, און אויף דעם גאַנצן פאָלק פון זיין לאַנד, וואָרום האָסט געוווּסט, אַז זיי האָבן געמוּטוויליקט איבּער זיי; און האָסט דיר געמאַכט אַ נאָמען אַזוי ווי היינטיקן טאָג. [11] און דעם ים האָסטו געשפּאָלטן פאַר זיי, און זיי זיינען דורכגעגאַנגען אין מיטן ים אין טריקעניש, און זייערע נאָכיאָגער האָסטו אַריינגעוואָרפן אין די טיפענישן אַזוי ווי אַ שטיין אין מאַכטיקע וואַסערן. [12] און מיט אַ זייל פון וואָלקן האָסטו זיי געפירט בּיי טאָג, און מיט אַ זייל פון פייער בּיי נאַכט, כּדי זיי צו לייכטן דעם וועג וואָס זיי זאָלן אויף אים גיין. [13] און אויפן בּאַרג סִינַי האָסטו אַראָפּגענידערט, און גערעדט צו זיי פון הימל, און האָסט זיי געגעבּן ריכטיקע געזעצן, און אמתע לערנונגען, גוטע חוקים און געבּאָט. [14] און דיין הייליקן שבת האָסטו זיי געלאָזט וויסן, און האָסט זיי בּאַפוילן געבּאָט און געזעצן און אַ תּוֹרה דורך משה דיין קנעכט. [15] און בּרויט פון הימל האָסטו זיי געגעבּן פאַר זייער הונגער, און וואַסער האָסטו זיי פון פעלז אַרויסגעצויגן פאַר זייער דאָרשט, און האָסט זיי געהייסן קומען אַרבּן דאָס לאַנד וואָס דו האָסט אויפגעהויבּן דיין האַנט[a] זיי צו געבּן. [16] אָבּער זיי אַזוי ווי אונדזערע עלטערן האָבּן געמוּטוויליקט און האַרט געמאַכט זייער נאַקן, און זיי האָבּן ניט צוגעהערט צו דיינע געבּאָט, [17] און ניט געוואָלט געהאָרכן, און זיי האָבּן ניט געדאַכט אָן דיינע וווּנדער וואָס דו האָסט מיט זיי געטאָן; נאָר זיי האָבּן האַרט געמאַכט

[a] געשוואָרן.

זייער נאַקן, און געמאַכט אַ הויפּטמאַן זיך אומצוקערן
צו זייער קנעכטשאַפט אין זייער ווידערשפּעניקייט. אָבער
דו ביסט אַ גאָט פון פאַרגעבונג, לייטזעליק און דער־
באַרימדיק, איינגעהאַלטן אין צאָרן און רייך אין גענאָד,
און האָסט זיי ניט פאַרלאָזן. [18] אַפילו אַז זיי האָבן זיך
געמאַכט אַ געגאָסן קאַלב, און זיי האָבן געזאָגט: „דאָס
איז דיין גאָט וואָס האָט דיך אויפגעבראַכט פון מִצרַיִם",
און זיי האָבן באַגאַנגען גרויסע לעסטערונגען, [19] האָסטו
פונדעסטוועגן אין דיין גרויס דערבאַרימונג זיי ניט פאַר־
לאָזן אין דער מדבר; דער זייל פון וואָלקן האָט זיך ניט
אָפּגעטאָן פון זיי ביי טאָג, כדי זיי צו פירן אויפן וועג, און
דער זייל פון פייער ביי נאַכט, כדי זיי צו לייכטן דעם
וועג וואָס זיי זאָלן אויף אים גיין. [20] און דיין גוטן גייסט
האָסטו געגעבן, זיי צו קלוגן, און דיין מָן האָסטו ניט פאַר־
מיטןא פון זייער מויל, און וואַסער האָסטו זיי געגעבן פאַר
זייער דאָרשט. [21] און פערציק יאָר האָסטו זיי אויסגע־
האַלטן אין דער מדבר; גאָרנישט האָט זיי געפעלט;
זייערע קליידער זיינען ניט אָפּגעטראָגן געוואָרן, און
זייערע פיס זיינען ניט אויפגעלאָפן.

[22] און האָסט זיי געגעבן קעניגרייכן און פעלקער,
און האָסט זיי אויסגעטיילט לויט גרענעצן; און זיי האָבן
געאַרבט דאָס לאַנד פון סיחונען — דאָס לאַנד פון דעם
מלך פון חֶשבּוֹן, און דאָס לאַנד פון עוֹג דעם מלך פון בָּשָן.
[23] און זייערע קינדער האָסטו געמערט אַזוי ווי די שטערן
פון הימל, און האָסט זיי געבראַכט אין דעם לאַנד וואָס
דו האָסט געהייסן זייערע עלטערן קומען אַרבן. [24] און די
קינדער זיינען געקומען, און האָבן געאַרבט דאָס לאַנד, און
דו האָסט אונטערטעניק געמאַכט פאַר זיי די באַוווינער פון לאַנד, די כּנַעֲנִיםב, און האָסט זיי געגעבן אין זייער האַנט,
מיט זייערע מלכים און די פעלקער פון לאַנד, צו טאָן מיט זיי לויט זייער ווילן. [25] און זיי האָבן באַצוווּנגען באַפעס־
טיקטע שטעט און פעטע ערד, און האָבן געאַרבט הייזער פול מיט כל־טוב, ברונעמער אויסגעהאַקטע, וויינגערטנער
און איילבערטגערטנער, און ביימער צום עסן לרוב; און זיי האָבן געגעסן און זיינען זאַט און פעט געוואָרן, און האָבן
זיך וווּיל געטאָן מיט דיין גרויס גוטס.

[26] און זיי האָבן ווידערשפּעניקט און זיך געשטעלטג אַקעגן דיר, און זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן דיין תּוֹרה הינטער
זייער רוקן, און האָבן געהרגעט דיינע נביאים וואָס האָבן זיי געוואָרנט, כדי זיי אומצוקערן צו דיר, און זיי האָבן באַגאַנ־
גען גרויסע לעסטערונגען. [27] און דו האָסט זיי געגעבן אין דער האַנט פון זייערע דריקער, און זיי האָבן זיי געדריקט.
און אין דער צייט פון זייער נויט פלעגן זיי שרייען צו דיר, און דו פון הימל פלעגסט זיי צוהערן, און לויט
דיין גרויס דערבאַרימונג פלעגסטו זיי געבן העלפער וואָס זאָלן זיי העלפן פון דער האַנט פון זייערע דריקער.
[28] אָבער ווי זיי איז באַרוט געוואָרן, פלעגן זיי ווידער שלעכטס טאָן פאַר דיר; און דו האָסט זיי איבערגעלאָזן אין
דער האַנט פון זייערע פיינט, און זיי האָבן געוועלטיקט איבער זיי; און זיי האָבן ווידער געשריען צו דיר, און
דו פון הימל פלעגסט צוהערן און זיי מציל זיין לויט דיין דערבאַרימונג פיל מאָל. [29] און האָסט זיי געוואָרנט,

עָרְפָּם וַיִּתְּנוּ רֹאשׁ לָשׁוּב לְעַבְדֻתָם בְּמִרְיָם וְאַתָּה אֱלוֹהַּ
סְלִיחוֹת חַנּוּן וְרַחוּם אֶרֶךְ־אַפַּיִם וְרַב־וְחֶסֶד וְלֹא עֲזַבְתָּם:
יח אַף כִּי־עָשׂוּ לָהֶם עֵגֶל מַסֵּכָה וַיֹּאמְרוּ זֶה אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר
יט הֶעֶלְךָ מִמִּצְרָיִם וַיַּעֲשׂוּ נֶאָצוֹת גְּדֹלוֹת: וְאַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ
הָרַבִּים לֹא עֲזַבְתָּם בַּמִּדְבָּר אֶת־עַמּוּד הֶעָנָן לֹא־סָר
מֵעֲלֵיהֶם בְּיוֹמָם לְהַנְחֹתָם בְּהַדֶּרֶךְ וְאֶת־עַמּוּד הָאֵשׁ
כ בְּלַיְלָה לְהָאִיר לָהֶם וְאֶת־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר יֵלְכוּ־בָהּ: וְרוּחֲךָ
הַטּוֹבָה נָתַתָּ לְהַשְׂכִּילָם וּמַנְךָ לֹא־מָנַעְתָּ מִפִּיהֶם וּמַיִם
כא נָתַתָּה לָהֶם לִצְמָאָם: וְאַרְבָּעִים שָׁנָה כִּלְכַּלְתָּם בַּמִּדְבָּר
כב לֹא חָסֵרוּ שַׂלְמֹתֵיהֶם לֹא בָלוּ וְרַגְלֵיהֶם לֹא בָצֵקוּ: וַתִּתֵּן
לָהֶם מַמְלָכוֹת וַעֲמָמִים וַתַּחְלְקֵם לְפֵאָה וַיִּירְשׁוּ אֶת־אֶרֶץ
סִיחוֹן וְאֶת־אֶרֶץ מֶלֶךְ חֶשְׁבּוֹן וְאֶת־אֶרֶץ עוֹג מֶלֶךְ־הַבָּשָׁן:
כג וּבְנֵיהֶם הִרְבִּיתָ כְּכֹכְבֵי הַשָּׁמָיִם וַתְּבִיאֵם אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־
כד אָמַרְתָּ לַאֲבֹתֵיהֶם לָבוֹא לָרָשֶׁת: וַיָּבֹאוּ הַבָּנִים וַיִּירְשׁוּ
אֶת־הָאָרֶץ וַתַּכְנַע לִפְנֵיהֶם אֶת־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ הַכְּנַעֲנִים
וַתִּתְּנֵם בְּיָדָם וְאֶת־מַלְכֵיהֶם וְאֶת־עַמְמֵי הָאָרֶץ לַעֲשׂוֹת
כה בָּהֶם כִּרְצוֹנָם: וַיִּלְכְּדוּ עָרִים בְּצֻרוֹת וַאֲדָמָה שְׁמֵנָה
וַיִּירְשׁוּ בָּתִּים מְלֵאִים־כָּל־טוּב בֹּרוֹת חֲצוּבִים כְּרָמִים
וְזֵיתִים וְעֵץ מַאֲכָל לָרֹב וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׂבְּעוּ וַיַּשְׁמִינוּ וַיִּתְעַדְּנוּ
כו בְּטוּבְךָ הַגָּדוֹל: וַיַּמְרוּ וַיִּמְרְדוּ בָּךְ וַיַּשְׁלִכוּ אֶת־תּוֹרָתְךָ
אַחֲרֵי גַוָּם וְאֶת־נְבִיאֶיךָ הָרָגוּ אֲשֶׁר־הֵעִידוּ בָם לַהֲשִׁיבָם
כז אֵלֶיךָ וַיַּעֲשׂוּ נֶאָצוֹת גְּדוֹלֹת: וַתִּתְּנֵם בְּיַד צָרֵיהֶם וַיָּצֵרוּ
לָהֶם וּבְעֵת צָרָתָם יִצְעֲקוּ אֵלֶיךָ וְאַתָּה מִשָּׁמַיִם תִּשְׁמָע
וּכְרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תִּתֵּן לָהֶם מוֹשִׁיעִים וְיוֹשִׁיעוּם מִיַּד
כח צָרֵיהֶם: וּכְנוֹחַ לָהֶם יָשׁוּבוּ לַעֲשׂוֹת רַע לְפָנֶיךָ וַתַּעַזְבֵם
בְּיַד אֹיְבֵיהֶם וַיִּרְדּוּ בָהֶם וַיָּשׁוּבוּ וַיִּזְעָקוּךָ וְאַתָּה מִשָּׁמַיִם
כט תִּשְׁמַע וְתַצִּילֵם כְּרַחֲמֶיךָ רַבּוֹת עִתִּים: וַתָּעַד בָּהֶם

יז׳ כ״א רב יחיד    כו׳ כז׳ קמץ בז״ק

א וואָרטשפּיל: מַנְךָ לֹא־מָנַעְתָּ.    ב וואָרטשפּיל: וַתַּכְנַע־הַכְּנַעֲנִים.    ג וואָרטשפּיל: וַיַּמְרוּ־וַיִּמְרְדוּ.

להשיבם אל־תורתך והמה הזידו ולא־שמעו למצותיך
ובמשפטיך חטאו־בם אשר־יעשה אדם וחיה בהם ויתנו
כתף סוררת וערפם הקשו ולא שמעו: ותמשך עליהם ל
שנים רבות ותעד בם ברוחך ביד־נביאיך ולא האזינו
ותתנם ביד עמי הארצת: וברחמיך הרבים לא־עשיתם לא
כלה ולא עזבתם כי אל־חנון ורחום אתה: ועתה אלהינו לב
האל הגדול הגבור והנורא שומר הברית והחסד אל־
ימעט לפניך את כל־התלאה אשר־מצאתנו למלכינו
לשרינו ולכהנינו ולנביאינו ולאבתינו ולכל־עמך מימי
מלכי אשור עד היום הזה: ואתה צדיק על כל־הבא לג
עלינו כי־אמת עשית ואנחנו הרשענו: ואת־מלכינו לד
שרינו כהנינו ואבתינו לא עשו תורתך ולא הקשיבו אל־
מצותיך ולעדותיך אשר העידת בהם: והם במלכותם לה
ובטובך הרב אשר־נתת להם ובארץ הרחבה והשמנה
אשר־נתת לפניהם לא עבדוך ולא־שבו ממעלליהם
הרעים: הנה אנחנו היום עבדים והארץ אשר־נתתה לו
לאבתינו לאכל את־פריה ואת־טובה הנה אנחנו עבדים
עליה: ותבואתה מרבה למלכים אשר־נתתה עלינו לז
בחטאותינו ועל־גויתינו משלים ובבהמתנו כרצונם ובצרה
גדלה אנחנו:

י

ובכל־זאת אנחנו כרתים אמנה וכתבים ועל החתום א
שרינו לוינו כהנינו: ועל החתומים נחמיה התרשתא ב
בן־חכליה וצדקיה: שריה עזריה ירמיה: פשחור ג ד
אמריה מלכיה: חטוש שבניה מלוך: חרם מרמות ה ו
עבדיה: דניאל גנתון ברוך: משלם אביה מימן: מעזיה ז ח
בלגי שמעיה אלה הכהנים: והלוים וישוע בן־אזניה ט י
בנוי מבני חנדד קדמיאל: ואחיהם שבניה הודיה יא

י, י׳ בס״א ישוע

כדי זיי אומצוקערן צו דיין תּורה, אָבער זיי האָבן געמוטוויליקט, און האָבן ניט צוגעהערט צו דיינע געבאָט, נאָר געזינדיקט אַקעגן דיינע געזעצן, וואָס אַז אַ מענטש טוט זיי, לעבט ער דורך זיי; און זיי האָבן געקערט אַ ווידערשפּעניקן רוקן, און האָבן האַרט געמאַכט זייער נאַקן, און ניט צוגעהערט. [30] און האָסט זיי אָפּגעצויגן פיל יאָרן, און האָסט זיי געוואָרנט מיט דיין גייסט דורך דיינע נביאים, אָבער זיי האָבן ניט צוגעלייגט דאָס אויער; און דו האָסט זיי געגעבן אין דער האַנט פון די פעלקער פון די לענדער. [31] אָבער אין דיין גרויס דערבאַרימונג האָסטו ניט געמאַכט פון זיי אַ פאַרלענדונג, און האָסט זיי ניט פאַרלאָזן, וואָרום אַ גאָט אַ לייטזעליקער און אַ דערבאַרימדיקער ביסטו.

[32] און אַצונד, אונדזער גאָט, דער גרויסער, שטאַרקער, און פאָרכטיקער גאָט, וואָס היט דעם בונד און די גענאָד, זאָל ניט ווינציק זיין פאַר דיר אַלדי מאַטערניש וואָס האָט געטראָפן אונדז, אונדזערע מלכים, אונדזערע האַרן, און אונדזערע כּהנים, און אונדזערע נביאים, און אונדזערע עלטערן, און דיין גאַנצן פאָלק, פון די טעג פון די מלכים פון אַשור אָן ביז אויף היינטיקן טאָג. [33] יאָ, דו ביסט גערעכט אין אַלץ וואָס איז געקומען אויף אונדז, וואָרום דו האָסט געטאָן וואָרהאַפטיק, און מיר האָבן שלעכטס געטאָן. [34] און אונדזערע מלכים, אונדזערע האַרן, אונדזערע כּהנים, און אונדזערע עלטערן, האָבן ניט געטאָן דיין תּורה, און ניט פאַרנומען דיינע געבאָט, און דיינע אָנזאָגן וואָס דו האָסט זיי אָנגעזאָגט. [35] וואָרום אַז זיי זיינען געווען אין זייער מלוכה, און אין דיין גרויסן גוטס וואָס דו האָסט זיי געגעבן, און אין דעם ברייטן און פעטן לאַנד וואָס דו האָסט איבערגעגעבן צו זיי, האָבן זיי דיר ניט געדינט, און זיי האָבן זיך ניט אומגעקערט פון זייערע שלעכטע מעשׂים.

[36] אָט זיינען מיר היינט קנעכט, און דאָס לאַנד וואָס דו האָסט געגעבן אונדזערע עלטערן, צו עסן איר פרוכט און איר גוטס, אָט זיינען מיר קנעכט דערויף; [37] און זי מערט איר תּבואה פאַר די מלכים וואָס דו האָסט געגעבן איבער אונדז פאַר אונדזערע זינד; און זיי געוועלטיקן איבער אונדזערע לייבער, און איבער אונדזערע בהמות, לויט זייער ווילן, און מיר זיינען אין גרויס נויט.

**י** [1] אָבער ביי אַלעם דעם שליסן מיר אַן אָפּמאַך, און שרייבן זיך אונטער; און אויף דעם געחתמעטן [געשריפטס] זיינען אונדזערע האַרן, אונדזערע לוִיִים, אונדזערע כּהנים.

[2] און אויף די געחתמעטע [געשריפטסן] זיינען געווען: נחֶמיָה דער תּרשָׁתאָ, דער זון פון חַכַליָהן, און צִדקִיָה; [3] שׂרָיָה, עֲזַריָה, יִרמיָה; [4] פַשחור, אֲמַריָה, מַלכִּיָה; [5] חַטוש, שבַניָה, מַלוך; [6] חָרִם, מרֵמות, עובַדיָה; [7] דניאל, גִנתון, בָרוך; [8] משולָם, אֲבִיָה, מִיָמִן; [9] מַעַזיָה, בִּלגַי, שמַעיָה. דאָס זיינען די כּהנים.

[10] און די לוִיִים: יֵשוּעַ דער זון פון אֲזַניָהן, בִּנוי פון די קינדער פון חֵנָדָד, קַדמִיאֵל; [11] און זייערע ברידער: שבַניָה,

הודִיָה, קליטאָ, פלאָיָה, חָנָן; 12 מיכאָ, רחוב, חֲשַבְיָה;
13 זַכּור, שֵרֵבְיָה, שבַניָה; 14 הודִיָה, בָּני, בנינו.
15 די הויפּטן פון דעם פאָלק: פּרעוש, פּחת־מואָב,
עֵילָם, זַתּוּא, בָּני; 16 בוני, עַזגד, בֵּבָי; 17 אַדוניָה, בִּגוַי,
עָדין; 18 אָטֵר, חִזקִיָה, עַזור; 19 הודִיָה, חָשום, בֵּצָי; 20 חָריף,
עֲנָתות, נֵיבָי; 21 מַגפּיעש, משולָם, חזיר; 22 משֵיזַבאֵל,
צָדוק, יַדוּע; 23 פּלַטיָה, חָנָן, עֲנָיָה; 24 הושֵעַ, חֲנַניָה, חַשוב;
25 הַלוחֵש, פּלחאָ, שובֵק; 26 רחום, חֲשַבנָה, מַעֲשֵיָה; 27 און
אֲחִיָה, חָנָן, עָנָן; 28 מַלוך, חָרִם, בַּעֲנָה.
29 און דאָס איבעריקע פאָלק, די כּהנים, די לוִיִים,
די טויערלייט, די זינגערס, די נתינים, און אַלע וואָס האָבן
זיך אָפּגעשיידט פון די פעלקער פון די לענדער צו דער
תּורה פון גאָט, זייערע ווייבער, זייערע זין, און זייערע
טעכטער, איטלעכער וואָס האָט געוווּסט [און] פאַר־
שטאַנען, 30 האָבן זיך געהאַלטן אָן זייערע ברידער,
זייערע גרויסע לייט, און זיי זיינען אַריין אין אַ קללה און
אין אַ שבועה צו גיין אין דער תּורה פון גאָט וואָס איז גע־
געבן געוואָרן דורך דער האַנט פון משה דעם קנעכט פון
גאָט, און צו היטן און צו טאָן אַלע געבאָט פון יהוה אונדזער
האַר, און זיינע געזעצן און זיינע חוקים; 31 און אַז מיר
זאָלן ניט געבן אונדזערע טעכטער צו די פעלקער פון
לאַנד, און זייערע טעכטער ניט נעמען פאַר אונדזערע
זין; 32 און די פעלקער פון לאַנד וואָס ברענגען סחורות
און אַלערליי תּבואה אין טאָג פון שבת צו פאַרקויפן, זאָלן מיר פון זיי ניט קויפן אום שבת אָדער אין אַ הייליקן טאָג;
און אַז מיר זאָלן אָפּלאָזן [דאָס פעלד] אין זיבעטן יאָר, און איטלעכן חוב[א].
33 און מיר האָבן געשטעלט אויף אונדז אַ מִצווה, אַרויפצולייגן אויף זיך אַ דריטל שֶקל אַ יאָר פאַר דעם דינסט
פון אונדזער גאָטס הויז, 34 פאַר דעם אויסגעלייגטן ברויט, און דעם שטענדיקן שפּייזאָפּפער, און פאַר דעם שטענדיקן
בראַנדאָפּפער פון די שבתים, פון ראָשחודש, פאַר די יָום־טובים; און פאַר די געהייליקטע קרבנות, און פאַר די זינד־
אָפּפער מכפּר צו זיין אויף ישׂראל, און פאַר דער גאַנצער אַרבעט פון אונדזער גאָטס הויז. 35 און מיר האָבן גורל גע־
וואָרפן, די כּהנים, די לוִיִים, און דאָס פאָלק, וועגן דער גאָב פון האָלץ צו ברענגען אין הויז פון אונדזער גאָט לויט
אונדזערע פאָטערהייזער אין געשטעלטע צייטן יאָר אין יאָר, אויף צו ברענען אויף דעם מזבח פון יהוה אונדזער גאָט,
אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דער תּורה. 36[ב] און צו ברענגען די ערשטצייטיקע פון אונדזער ערד, און די ערשט־
צייטיקע פון יעטוועדער פרוכט פון אַלערליי ביימער, יאָר אין יאָר, אין הויז פון גאָט; 37 און די בכורים פון
אונדזערע זין, און פון אונדזערע בהמות, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דער תּורה, און די בכורים פון

יב יג קְלִיטָא פְּלָאיָה חָנָן׃ מִיכָא רְחוֹב חֲשַׁבְיָה׃ זַכּוּר שֵׁרֵבְיָה
יד טו שְׁבַנְיָה׃ הוֹדִיָּה בָּנִי בְּנִינוּ׃ רָאשֵׁי הָעָם פַּרְעֹשׁ פַּחַת
טז יז מוֹאָב עֵילָם זַתּוּא בָּנִי׃ בֻּנִּי עַזְגָּד בֵּבָי׃ אֲדֹנִיָּה בִגְוַי
יח יט כ עָדִין׃ אָטֵר חִזְקִיָּה עַזּוּר׃ הוֹדִיָּה חָשֻׁם בֵּצָי׃ חָרִיף
כא כב עֲנָתוֹת נֵיבָי׃ מַגְפִּיעָשׁ מְשֻׁלָּם חֵזִיר׃ מְשֵׁיזַבְאֵל צָדוֹק
כג כד כה יַדּוּעַ׃ פְּלַטְיָה חָנָן עֲנָיָה׃ הוֹשֵׁעַ חֲנַנְיָה חַשּׁוּב׃ הַלּוֹחֵשׁ
כו כז פִּלְחָא שׁוֹבֵק׃ רְחוּם חֲשַׁבְנָה מַעֲשֵׂיָה׃ וַאֲחִיָּה חָנָן
כח כט עָנָן׃ מַלּוּךְ חָרִם בַּעֲנָה׃ וּשְׁאָר הָעָם הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם
הַשּׁוֹעֲרִים הַמְשֹׁרְרִים הַנְּתִינִים וְכָל־הַנִּבְדָּל מֵעַמֵּי הָאֲרָצוֹת
אֶל־תּוֹרַת הָאֱלֹהִים נְשֵׁיהֶם בְּנֵיהֶם וּבְנֹתֵיהֶם כֹּל יוֹדֵעַ
ל מֵבִין׃ מַחֲזִיקִים עַל־אֲחֵיהֶם אַדִּירֵיהֶם וּבָאִים בְּאָלָה
וּבִשְׁבוּעָה לָלֶכֶת בְּתוֹרַת הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר נִתְּנָה בְּיַד מֹשֶׁה
עֶבֶד־הָאֱלֹהִים וְלִשְׁמוֹר וְלַעֲשׂוֹת אֶת־כָּל־מִצְוֹת יְהוָה
לא אֲדֹנֵינוּ וּמִשְׁפָּטָיו וְחֻקָּיו׃ וַאֲשֶׁר לֹא־נִתֵּן בְּנֹתֵינוּ לְעַמֵּי
לב הָאָרֶץ וְאֶת־בְּנֹתֵיהֶם לֹא נִקַּח לְבָנֵינוּ׃ וְעַמֵּי הָאָרֶץ
הַמְבִיאִים אֶת־הַמַּקָּחוֹת וְכָל־שֶׁבֶר בְּיוֹם הַשַּׁבָּת לִמְכּוֹר
לֹא־נִקַּח מֵהֶם בַּשַּׁבָּת וּבְיוֹם קֹדֶשׁ וְנִטֹּשׁ אֶת־הַשָּׁנָה
לג הַשְּׁבִיעִית וּמַשָּׁא כָל־יָד׃ וְהֶעֱמַדְנוּ עָלֵינוּ מִצְוֹת לָתֵת
עָלֵינוּ שְׁלִשִׁית הַשֶּׁקֶל בַּשָּׁנָה לַעֲבֹדַת בֵּית אֱלֹהֵינוּ׃
לד לְלֶחֶם הַמַּעֲרֶכֶת וּמִנְחַת הַתָּמִיד וּלְעוֹלַת הַתָּמִיד הַשַּׁבָּתוֹת
הֶחֳדָשִׁים לַמּוֹעֲדִים וְלַקֳּדָשִׁים וְלַחַטָּאוֹת לְכַפֵּר עַל־
לה יִשְׂרָאֵל וְכָל־מְלֶאכֶת בֵּית אֱלֹהֵינוּ׃ וְהַגּוֹרָלוֹת הִפַּלְנוּ עַל־
קֻרְבַּן הָעֵצִים הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם וְהָעָם לְהָבִיא לְבֵית אֱלֹהֵינוּ
לְבֵית־אֲבֹתֵינוּ לְעִתִּים מְזֻמָּנִים שָׁנָה בְשָׁנָה לְבַעֵר עַל־מִזְבַּח
לו יְהוָה אֱלֹהֵינוּ כַּכָּתוּב בַּתּוֹרָה׃ וּלְהָבִיא אֶת־בִּכּוּרֵי
אַדְמָתֵנוּ וּבִכּוּרֵי כָּל־פְּרִי כָל־עֵץ שָׁנָה בְשָׁנָה לְבֵית יְהוָה׃
לז וְאֶת־בְּכֹרוֹת בָּנֵינוּ וּבְהֶמְתֵּנוּ כַּכָּתוּב בַּתּוֹרָה וְאֶת־בְּכוֹרֵי

כ׳ נֵיבָי (ובס״א נובי) קרי   לב׳ בש״ן ימגית   לה׳ כצ״ל בקבוץ

[א] זע שמות כג, 10–11; ויקרא כה, 4.   [ב] פאַרבינדט זיך מיט 33, 34.

בְּקָרֵינוּ וְצֹאנֵינוּ לְהָבִיא לְבֵית אֱלֹהֵינוּ לַכֹּהֲנִים הַמְשָׁרְתִים
לח בְּבֵית אֱלֹהֵינוּ׃ וְאֶת־רֵאשִׁית עֲרִיסֹתֵינוּ וּתְרוּמֹתֵינוּ וּפְרִי
כָל־עֵץ תִּירוֹשׁ וְיִצְהָר נָבִיא לַכֹּהֲנִים אֶל־לִשְׁכוֹת בֵּית־
אֱלֹהֵינוּ וּמַעְשַׂר אַדְמָתֵנוּ לַלְוִיִּם וְהֵם הַלְוִיִּם הַמְעַשְּׂרִים
לט בְּכֹל עָרֵי עֲבֹדָתֵנוּ׃ וְהָיָה הַכֹּהֵן בֶּן־אַהֲרֹן עִם־הַלְוִיִּם
בַּעְשֵׂר הַלְוִיִּם וְהַלְוִיִּם יַעֲלוּ אֶת־מַעֲשַׂר הַמַּעֲשֵׂר לְבֵית
מ אֱלֹהֵינוּ אֶל־הַלְּשָׁכוֹת לְבֵית הָאוֹצָר׃ כִּי אֶל־הַלְּשָׁכוֹת
יָבִיאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל וּבְנֵי הַלֵּוִי אֶת־תְּרוּמַת הַדָּגָן הַתִּירוֹשׁ
וְהַיִּצְהָר וְשָׁם כְּלֵי הַמִּקְדָּשׁ וְהַכֹּהֲנִים הַמְשָׁרְתִים וְהַשּׁוֹעֲרִים
וְהַמְשֹׁרְרִים וְלֹא נַעֲזֹב אֶת־בֵּית אֱלֹהֵינוּ׃

## יא

א וַיֵּשְׁבוּ שָׂרֵי־הָעָם בִּירוּשָׁלִָם וּשְׁאָר הָעָם הִפִּילוּ גוֹרָלוֹת
לְהָבִיא ׀ אֶחָד מִן־הָעֲשָׂרָה לָשֶׁבֶת בִּירוּשָׁלִַם עִיר הַקֹּדֶשׁ
ב וְתֵשַׁע הַיָּדוֹת בֶּעָרִים׃ וַיְבָרְכוּ הָעָם לְכֹל הָאֲנָשִׁים
ג הַמִּתְנַדְּבִים לָשֶׁבֶת בִּירוּשָׁלִָם׃ וְאֵלֶּה רָאשֵׁי הַמְּדִינָה
אֲשֶׁר יָשְׁבוּ בִּירוּשָׁלִָם וּבְעָרֵי יְהוּדָה יָשְׁבוּ אִישׁ בַּאֲחֻזָּתוֹ
בְּעָרֵיהֶם יִשְׂרָאֵל הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם וְהַנְּתִינִים וּבְנֵי עַבְדֵי
ד שְׁלֹמֹה׃ וּבִירוּשָׁלִַם יָשְׁבוּ מִבְּנֵי יְהוּדָה וּמִבְּנֵי בִנְיָמִן
מִבְּנֵי יְהוּדָה עֲתָיָה בֶן־עֻזִּיָּה בֶּן־זְכַרְיָה בֶן־אֲמַרְיָה בֶּן־
ה שְׁפַטְיָה בֶן־מַהֲלַלְאֵל מִבְּנֵי־פָרֶץ׃ וּמַעֲשֵׂיָה בֶן־בָּרוּךְ בֶּן־
כָּל־חֹזֶה בֶּן־חֲזָיָה בֶן־עֲדָיָה בֶן־יוֹיָרִיב בֶּן־זְכַרְיָה בֶּן־
ו הַשִּׁלֹנִי׃ כָּל־בְּנֵי־פֶרֶץ הַיֹּשְׁבִים בִּירוּשָׁלִָם אַרְבַּע מֵאוֹת
ז שִׁשִּׁים וּשְׁמֹנָה אַנְשֵׁי־חָיִל׃ וְאֵלֶּה בְּנֵי בִנְיָמִן סַלֻּא
בֶּן־מְשֻׁלָּם בֶּן־יוֹעֵד בֶּן־פְּדָיָה בֶן־קוֹלָיָה בֶן־מַעֲשֵׂיָה בֶּן־
ח אִיתִיאֵל בֶּן־יְשַׁעְיָה׃ וְאַחֲרָיו גַּבַּי סַלָּי תְּשַׁע מֵאוֹת עֶשְׂרִים
ט וּשְׁמֹנָה׃ וְיוֹאֵל בֶּן־זִכְרִי פָּקִיד עֲלֵיהֶם וִיהוּדָה בֶן־הַסְּנוּאָה
י עַל־הָעִיר מִשְׁנֶה׃ מִן־הַכֹּהֲנִים יְדַעְיָה בֶן־יוֹיָרִיב
יא יָכִין׃ שְׂרָיָה בֶּן־חִלְקִיָּה בֶּן־מְשֻׁלָּם בֶּן־צָדוֹק בֶּן־מְרָיוֹת

אונדזערע רינדער און אונדזערע שאָף, צו ברענגען אין הויז פון אונדזער גאָט, צו די כּהנים וואָס באַדינען אין הויז פון אונדזער גאָט. 38 און אַז דאָס ערשטע פון אונדזערע טייגמולטערס, און אונדזערע אָפּשיידונגען, און פון דער פרוכט פון אַלערליי ביימער, פון וויין און אייל, זאָלן מיר ברענגען צו די כּהנים אין די קאַמערן פון דעם הויז פון אונדזער גאָט; און דעם מעשׂר פון אונדזער ערד צו די לוִיִים; וואָרום זיי, די לוִיִים, נעמען דעם מעשׂר אין אַלע אונדזערע אַקערשטעט. 39 און דער כּהן, דער זון פון אהרן, זאָל זיין מיט די לוִיִים, ווען די לוִיִים נעמען מעשׂר; און די לוִיִים זאָלן אַרויפברענגען דעם מעשׂר פון מעשׂר אין הויז פון אונדזער גאָט, אין די קאַמערן פון דעם שאַץ־הויז. 40 וואָרום די קינדער פון ישׂראל און די קינדער פון לֵוִי זאָלן ברענגען די אָפּשיידונג פון תּבֿואה, וויין, און אייל, אין די קאַמערן וואָס דאָרטן זיינען די זאַכן פון הייליקטום, און פון די כּהנים וואָס באַדינען, און פון די טויערלייט, און פון די זינגערס; און מיר זאָלן ניט פאַרלאָזן דאָס הויז פון אונדזער גאָט.

## יא

1 און די האַרן פון פאָלק זיינען געזעסן אין ירושלַיִם, און דאָס איבעריקע פאָלק האָט געוואָרפן גורל, צו ברענגען איינעם פון צען צו זיצן אין ירושלַיִם דער הייליקער שטאָט, און ניין טיילן אין די שטעט. 2 און דאָס פאָלק האָט געבענטשט אַלע מענער וואָס האָבן זיך מתנדב געווען צו זיצן אין ירושלַיִם.

3 און דאָס זיינען די הויפּטלייט פון דער מדינה וואָס זיינען געזעסן אין ירושלַיִם — און אין די שטעט פון יהודה זיינען געזעסן, איטלעכער אויף זיין אייגנטום אין זייערע שטעט, ישׂראל, די כּהנים, און די לוִיִים, און די נתינים, און די קינדער פון שלמהס קנעכט; 4 און אין ירושלַיִם זיינען געזעסן פון די קינדער פון יהודה, און פון די קינדער פון בנימין.

פון די קינדער פון יהודה:

עֲתָיָה דער זון פון עוּזִיָה דעם זון פון זכַריָה, דעם זון פון אֲמַריָה, דעם זון פון שפַטיָה, דעם זון פון מַהֲלַלְאֵלן, פון די קינדער פון פֶּרֶץ; 5 און מַעֲשֵׂיָה דער זון פון בָּרוּך דעם זון פון כָּל־חוֹזֶה, דעם זון פון חֲזָיָה, דעם זון פון עֲדָיָה, דעם זון פון יוֹיָריב, דעם זון פון זכַריָה, דעם זון פון דעם שִׁלוֹני. 6 אַלע קינדער פון פֶּרֶץ וואָס זיינען געזעסן אין ירושלַיִם זיינען געווען פיר הונדערט אַכט און זעכציק העלדישע לייט.

7 און דאָס זיינען די קינדער פון בנימין:

סַלוּא דער זון פון משוּלָם דעם זון פון יוֹעֵד, דעם זון פון פּדָיָה, דעם זון פון קוֹלָיָה, דעם זון פון מַעֲשֵׂיָה, דעם זון פון איתיאֵל, דעם זון פון ישַׁעיָהן; 8 און נאָך אים גַבַּי, סַלַי — ניין הונדערט אַכט און צוואַנציק. 9 און יוֹאֵל דער זון פון זִכרין איז געווען דער אויפזעער איבער זיי, און יהודה דער זון פון הַסנוּאָהן איז געווען דער צווייטער איבער דער שטאָט.

10 פון די כּהנים:

ידַעיָה דער זון פון יוֹיָריבן, יָכִין, 11 שׂרָיָה דער זון פון חִלקִיָה דעם זון פון משוּלָם, דעם זון פון צָדוֹק, דעם זון פון

מְריוֹת, דעם זון פון אַחיטובן, דעם פירשט פון גאָטס הויז, [12] און זייערע ברידער וואָס האָבן געטאָן די אַרבעט פון דעם הויז — אַכט הונדערט צוויי און צוואַנציק. און עֲדָיָה דער זון פון ירוחָם דעם זון פון פּלַליָה, דעם זון פון אַמצי, דעם זון פון זכַריָה, דעם זון פון פַּשחור, דעם זון פון מַלכִּיָהן, [13] און זיינע ברידער, הויפּטן פון פאָטער־הייזער — צוויי הונדערט צוויי און פערציק. און עֲמַשסַי דער זון פון עֲזַראֵל דעם זון פון אַחזַי, דעם זון פון משִלֵמוֹת, דעם זון פון אִמֵרן, [14] און זייערע ברידער, העלדישע גיבורים — הונדערט אַכט און צוואַנציק. און דער אויפזעער איבער זיי איז געווען זַבדיאֵל דער זון פון הַגדולימען.

[15] און פון די לוִיִים:

שמַעיָה דער זון פון חַשוב דעם זון פון עַזריקָם, דעם זון פון חֲשַביָה, דעם זון פון בונין; [16] און שַבתַי, און יוֹזָבָד, פון די הויפּטן פון די לוִיִים, איבער דער אויסנווייניקסטער אַרבעט פון גאָטס הויז; [17] און מַתַניָה דער זון פון מיכאָ דעם זון פון זַבדי, דעם זון פון אָסָפן, דער ערשטער אָנצור־הייבן דעם לויבגעזאַנג ביים געבעט; און בַקבוקיָה דער צווייטער צווישן זיינע ברידער; און עַבדאָ דער זון פון שַמוּעַ דעם זון פון גָלָל, דעם זון פון ידותונען. [18] אַלע לוִיִים אין דער הייליקער שטאָט זיינען געווען צוויי הונ־דערט פיר און אַכציק.

[19] און די טויערלייט:

עַקוב, טַלמון, און זייערע ברידער וואָס האָבן געהיט ביי די טויערן — הונדערט צוויי און זיבעציק.

[20] און די איבעריקע ישׂראל, כּהנים, לוִיִים, זיינען געווען אין אַלע שטעט פון יהודה, איטלעכער אויף זיין נחלה.

[21] און די נתינים זיינען געזעסן אין עוֹפֶל; און ציחאָ און גִשפאָ זיינען געווען איבער די נתינים.

[22] און דער אויפזעער פון די לוִיִים אין ירושָלַיִם איז געווען עוזי דער זון פון בָני דעם זון פון חֲשַביָה, דעם זון פון מַתַניָה, דעם זון פון מיכאָן, פון די קינדער פון אָסָף, די זינגערס, איבער דער ווירטשאַפט פון גאָטס הויז. [23] וואָרום אַ באַפעל פון מלך איז געווען וועגן זיי, און אַ פעסטע באַשטימונג וועגן די זינגערס, לויט דעם באַדאַרף פון איטלעכן טאָג. [24] און פּתַחיָה דער זון פון משֵיזַבאֵלן, פון די קינדער פון זֶרַח דעם זון פון יהודהן, איז געווען לעבן דעם מלך פאַר איטלעכער זאַך פון פאָלק.

[25] און וועגן די דערפער מיט זייערע פעלדער: זיינען טייל פון יהודה געזעסן אין קִריַת־אַרבַע און אירע אַרומיקע ערטער, און אין דיבוֹן און אירע אַרומיקע ערטער, און אין יקַבצְאֵל און אירע דערפער; [26] און אין יֵשוּעַ, און אין מוֹלָדָה, און אין בֵית־פֶּלֶט; [27] און אין חֲצַר־שועָל, און אין באֵר־שֶבַע און אירע אַרומיקע ערטער; [28] און אין ציקלַג, און אין מכוֹנָה און אין אירע אַרומיקע ערטער; [29] און אין עֵין־רִמוֹן, און אין צָרעָה, און אין יַרמות, [30] זָנוֹחַ, עַדולָם, און זייערע דערפער, לָכיש און אירע פעלדער, עֲזֵקָה און אירע אַרומיקע ערטער. און זיי האָבן געלאַגערט פון באֵר־שֶבַע ביז דעם טאָל פון הִנוֹם.

[31] און די קינדער פון בנימין, פון גֶבַע אָן, אין מִכמָש, און עַיָה, און בֵית־אֵל און אירע אַרומיקע ערטער, [32] עֲנָתוֹת,

יב בֶּן־אֲחִיטוּב נְגִד בֵּית הָאֱלֹהִים׃ וַאֲחֵיהֶם עֹשֵׂה הַמְּלָאכָה
לַבַּיִת שְׁמֹנֶה מֵאוֹת עֶשְׂרִים וּשְׁנָיִם וַעֲדָיָה בֶּן־יְרֹחָם בֶּן־
יג פְּלַלְיָה בֶּן־אַמְצִי בֶּן־זְכַרְיָה בֶּן־פַּשְׁחוּר בֶּן־מַלְכִּיָּה׃ וְאֶחָיו
רָאשִׁים לְאָבוֹת מָאתַיִם אַרְבָּעִים וּשְׁנָיִם וַעֲמַשְׁסַי בֶּן־עֲזַרְאֵל
יד בֶּן־אַחְזַי בֶּן־מְשִׁלֵּמוֹת בֶּן־אִמֵּר׃ וַאֲחֵיהֶם גִּבֹּרֵי חַיִל מֵאָה
עֶשְׂרִים וּשְׁמֹנָה וּפָקִיד עֲלֵיהֶם זַבְדִּיאֵל בֶּן־הַגְּדוֹלִים׃
טו וּמִן־הַלְוִיִּם שְׁמַעְיָה בֶן־חַשּׁוּב בֶּן־עַזְרִיקָם בֶּן־חֲשַׁבְיָה בֶּן־
טז בּוּנִּי׃ וְשַׁבְּתַי וְיוֹזָבָד עַל־הַמְּלָאכָה הַחִיצֹנָה לְבֵית הָאֱלֹהִים
יז מֵרָאשֵׁי הַלְוִיִּם׃ וּמַתַּנְיָה בֶן־מִיכָא בֶן־זַבְדִּי בֶן־אָסָף רֹאשׁ
הַתְּחִלָּה יְהוֹדֶה לַתְּפִלָּה וּבַקְבֻּקְיָה מִשְׁנֶה מֵאֶחָיו וְעַבְדָּא
יח בֶּן־שַׁמּוּעַ בֶּן־גָּלָל בֶּן־יְדִיתוּן׃ כָּל־הַלְוִיִּם בְּעִיר הַקֹּדֶשׁ
יט מָאתַיִם שְׁמֹנִים וְאַרְבָּעָה׃ וְהַשּׁוֹעֲרִים עַקּוּב טַלְמוֹן וַאֲחֵיהֶם
כ הַשֹּׁמְרִים בַּשְּׁעָרִים מֵאָה שִׁבְעִים וּשְׁנָיִם׃ וּשְׁאָר יִשְׂרָאֵל
כא הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם בְּכָל־עָרֵי יְהוּדָה אִישׁ בְּנַחֲלָתוֹ׃ וְהַנְּתִינִים
כב יֹשְׁבִים בָּעֹפֶל וְצִיחָא וְגִשְׁפָּא עַל־הַנְּתִינִים׃ וּפְקִיד הַלְוִיִּם
בִּירוּשָׁלִַם עֻזִּי בֶּן־בָּנִי בֶּן־חֲשַׁבְיָה בֶּן־מַתַּנְיָה בֶּן־מִיכָא
כג מִבְּנֵי אָסָף הַמְשֹׁרְרִים לְנֶגֶד מְלֶאכֶת בֵּית־הָאֱלֹהִים׃ כִּי־
מִצְוַת הַמֶּלֶךְ עֲלֵיהֶם וַאֲמָנָה עַל־הַמְשֹׁרְרִים דְּבַר־יוֹם
כד בְּיוֹמוֹ׃ וּפְתַחְיָה בֶּן־מְשֵׁיזַבְאֵל מִבְּנֵי־זֶרַח בֶּן־יְהוּדָה לְיַד
כה הַמֶּלֶךְ לְכָל־דָּבָר לָעָם׃ וְאֶל־הַחֲצֵרִים בִּשְׂדֹתָם מִבְּנֵי
יְהוּדָה יָשְׁבוּ בְּקִרְיַת הָאַרְבַּע וּבְנֹתֶיהָ וּבְדִיבֹן וּבְנֹתֶיהָ
כו וּבִיקַּבְצְאֵל וַחֲצֵרֶיהָ׃ וּבְיֵשׁוּעַ וּבְמֹלָדָה וּבְבֵית־פָּלֶט׃
כז כח וּבַחֲצַר שׁוּעָל וּבִבְאֵר שֶׁבַע וּבְנֹתֶיהָ׃ וּבְצִקְלַג וּבִמְכֹנָה
כט ל וּבִבְנֹתֶיהָ׃ וּבְעֵין רִמּוֹן וּבְצָרְעָה וּבְיַרְמוּת׃ זָנֹחַ עֲדֻלָּם
וְחַצְרֵיהֶם לָכִישׁ וּשְׂדֹתֶיהָ עֲזֵקָה וּבְנֹתֶיהָ וַיַּחֲנוּ מִבְּאֵר־
לא שֶׁבַע עַד־גֵּיא־הִנֹּם׃ וּבְנֵי בִנְיָמִן מִגָּבַע מִכְמָשׂ וְעַיָּה וּבֵית־
לב לג אֵל וּבְנֹתֶיהָ׃ עֲנָתוֹת נֹב עֲנָנְיָה׃ חָצוֹר ׀ רָמָה גִּתָּיִם׃

טו' דגש אחר שורק    יז' ידותון קרי

לד לה חָדִיד צְבֹעִים נְבַלָּט׃ לֹד וְאוֹנוֹ גֵּי הַחֲרָשִׁים׃ וּמִן־הַלְוִיִּם
לו מַחְלְקוֹת יְהוּדָה לְבִנְיָמִין׃

## יב

א וְאֵלֶּה הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם אֲשֶׁר עָלוּ עִם־זְרֻבָּבֶל בֶּן־שְׁאַלְתִּיאֵל
ב ג וְיֵשׁוּעַ שְׂרָיָה יִרְמְיָה עֶזְרָא׃ אֲמַרְיָה מַלּוּךְ חַטּוּשׁ׃ שְׁכַנְיָה
ד ה רְחֻם מְרֵמֹת׃ עִדּוֹ גִנְּתוֹי אֲבִיָּה׃ מִיָּמִין מַעַדְיָה בִּלְגָּה׃
ו ז שְׁמַעְיָה וְיוֹיָרִיב יְדַעְיָה׃ סַלּוּ עָמוֹק חִלְקִיָּה יְדַעְיָה אֵלֶּה
ח רָאשֵׁי הַכֹּהֲנִים וַאֲחֵיהֶם בִּימֵי יֵשׁוּעַ׃ וְהַלְוִיִּם יֵשׁוּעַ
בִּנּוּי קַדְמִיאֵל שֵׁרֵבְיָה יְהוּדָה מַתַּנְיָה עַל־הֻיְּדוֹת הוּא
ט י וְאֶחָיו׃ וּבַקְבֻּקְיָה וְעֻנּוֹ אֲחֵיהֶם לְנֶגְדָּם לְמִשְׁמָרוֹת׃ וְיֵשׁוּעַ
הוֹלִיד אֶת־יוֹיָקִים וְיוֹיָקִים הוֹלִיד אֶת־אֶלְיָשִׁיב וְאֶלְיָשִׁיב
יא אֶת־יוֹיָדָע׃ וְיוֹיָדָע הוֹלִיד אֶת־יוֹנָתָן וְיוֹנָתָן הוֹלִיד
יב אֶת־יַדּוּעַ׃ וּבִימֵי יוֹיָקִים הָיוּ כֹהֲנִים רָאשֵׁי הָאָבוֹת לִשְׂרָיָה
יג מְרָיָה לְיִרְמְיָה חֲנַנְיָה׃ לְעֶזְרָא מְשֻׁלָּם לַאֲמַרְיָה יְהוֹחָנָן׃
יד טו לִמְלוּכִי יוֹנָתָן לִשְׁבַנְיָה יוֹסֵף׃ לְחָרִם עַדְנָא לִמְרָיוֹת
טז יז חֶלְקָי׃ לְעִדָּיא זְכַרְיָה לְגִנְּתוֹן מְשֻׁלָּם׃ לַאֲבִיָּה זִכְרִי
יח לְמִנְיָמִין לְמוֹעַדְיָה פִּלְטָי׃ לְבִלְגָּה שַׁמּוּעַ לִשְׁמַעְיָה יְהוֹנָתָן׃
יט כ וּלְיוֹיָרִיב מַתְּנָי לִידַעְיָה עֻזִּי׃ לְסַלַּי קַלָּי לְעָמוֹק עֵבֶר׃
כא כב לְחִלְקִיָּה חֲשַׁבְיָה לִידַעְיָה נְתַנְאֵל׃ הַלְוִיִּם בִּימֵי אֶלְיָשִׁיב
יוֹיָדָע וְיוֹחָנָן וְיַדּוּעַ כְּתוּבִים רָאשֵׁי אָבוֹת וְהַכֹּהֲנִים עַל־
כג מַלְכוּת דָּרְיָוֶשׁ הַפָּרְסִי׃ בְּנֵי לֵוִי רָאשֵׁי הָאָבוֹת
כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים וְעַד־יְמֵי יוֹחָנָן בֶּן־אֶלְיָשִׁיב׃
כד וְרָאשֵׁי הַלְוִיִּם חֲשַׁבְיָה שֵׁרֵבְיָה וְיֵשׁוּעַ בֶּן־קַדְמִיאֵל
וַאֲחֵיהֶם לְנֶגְדָּם לְהַלֵּל לְהוֹדוֹת בְּמִצְוַת דָּוִיד אִישׁ־הָאֱלֹהִים
כה מִשְׁמָר לְעֻמַּת מִשְׁמָר׃ מַתַּנְיָה וּבַקְבֻּקְיָה עֹבַדְיָה מְשֻׁלָּם
טַלְמוֹן עַקּוּב שֹׁמְרִים שׁוֹעֲרִים מִשְׁמָר בַּאֲסֻפֵּי הַשְּׁעָרִים׃
כו אֵלֶּה בִּימֵי יוֹיָקִים בֶּן־יֵשׁוּעַ בֶּן־יוֹצָדָק וּבִימֵי נְחֶמְיָה הַפֶּחָה

יב, ד׳ בס"א גנתון   ט׳ ועני קרי   יד׳ למליכו קרי   טז׳ לעדיא קרי
כב׳ כבירן עד

נוֹב, עֲנַנְיָה, [33] חָצוֹר, רָמָה, גִתַּיִם, [34] חָדִיד, צבוֹעִים, נְבַלָּט, [35] לוֹד, און אוֹנוֹ, גֵּי־חֲרָשִׁים. [36] און פון די לְוִיִּם זיינען עטלעכע אָפּטיילונגען פון יהודה אַריבער צו בנימין.

## יב

[1] און דאָס זיינען די כּהנים און די לְוִיִּם וואָס זיינען אַרויפגעגאַנגען מיט זרובָבל דעם זון פון שְׁאַלתיאֵלן, און יֵשוּעַן: שְׂרָיָה, יִרמְיָה, עזרא; [2] אֲמַרְיָה, מַלוּך, חַטוּש; [3] שכַנְיָה, רחום, מרֵמות; [4] עִדוֹא, גִנתוי, אֲבִיָה; [5] מִיָמִין, מַעַדיָה, בִּלְגָה; [6] שמַעְיָה, און יוֹיָריב, ידַעְיָה, [7] סַלוּ, עָמוֹק, חִלקִיָה, ידַעְיָה. דידאָזיקע זיינען געווען די הויפּטן פון די כּהנים און זייערע בּרידער אין די טעג פון יֵשוּעַן.

[8] און די לְוִיִּם: יֵשוּעַ, בִּנוּי, קַדמיאֵל, שֵׁרֵבְיָה, יהוּדה, מַתַּנְיָה אויף די לויבגעזאַנגען, ער און זיינע בּרידער. [9] און בַּקבּוּקְיָה, און עוּני, זייערע בּרידער, אַקעגן זיי אין וואַכן.

[10] און יֵשוּעַ האָט געבּאָרן יוֹיָקימען, און יוֹיָקים האָט געבּאָרן אֶלְיָשיבן, און אֶלְיָשיב האָט געבּאָרן יוֹיָדען, [11] און יוֹיָדע האָט געבּאָרן יוֹנָתָנען, און יוֹנָתָן האָט געבּאָרן יַדוּעַן.

[12] און אין די טעג פון יוֹיָקימען זיינען געווען כּהנים הויפּטן פון פּאָטערהייזער: פון שְׂרָיָה, מְרָיָה; פון יִרמְיָה, חֲנַנְיָה; [13] פון עזרא, משוּלָם; פון אֲמַרְיָה, יהוֹחָנָן; [14] פון מליכו, יוֹנָתָן; פון שבַנְיָה, יוסף; [15] פון חָרִם, עַדנאָ; פון מְרָיוֹת, חֶלקַי; [16] פון עִדוֹא, זכַריָה; פון גִנתוֹן, משוּלָם; [17] פון אֲבִיָה, זִכרי; פון מִנְיָמִין, . . . . ; פון מוֹעַדְיָה, פִּלטַי; [18] פון בִּלְגָה, שַׁמוּעַ; פון שמַעְיָה, יהוֹנָתָן; [19] און פון יוֹיָריב, מַתּנַי; פון ידַעְיָה, עוּזי; [20] פון סַלַי, קַלַי; פון עָמוֹק, עֵבֶר; [21] פון חִלקִיָה, חֲשַׁבְיָה; פון ידַעְיָה, נתַנאֵל.

[22] פון די לְוִיִּם זיינען אין די טעג פון אֶלְיָשיבן, יוֹיָדען, און יוֹחָנָנען, און יַדוּעַן, פאַרשריבן געוואָרן די הויפּטן פון די פּאָטערהייזער; דעסגלייכן פון די כּהנים בעת דער מלוכה פון דָרְיָוֶש פון פָּרַס.

[23] פון די קינדער פון לֵוִי זיינען די הויפּטן פון די פּאָטערהייזער געווען פאַרשריבן אין בוך פון די צייטגעשעענישן, און ביז די טעג פון יוֹחָנָן דעם זון פון אֶלְיָשיבן. [24] און די הויפּטן פון די לְוִיִּם זיינען געווען: חֲשַׁבְיָה, שֵׁרֵבְיָה, און יֵשוּעַ דער זון פון קַדמיאֵלן, מיט זייערע בּרידער אַקעגן זיי, אויף צו דאַנקען און צו לויבן לויט דעם באַפעל פון דוד דעם געטלעכן מאַן, אַ וואַך איבער אַ וואַך. [25] מַתַּנְיָה, און בַּקבּוּקְיָה, עוֹבַדְיָה, משוּלָם, טַלמוֹן, עַקוּב, זיינען געווען היטער, טויערלייט צו היטן ביי די זאַמלהייזער פון די טויערן. [26] דידאָזיקע זיינען געווען אין די טעג פון יוֹיָקים דעם זון פון יֵשוּעַ דעם זון פון יוֹצָדָקן, און אין די טעג פון נחֶמְיָה דעם פירשט, און עזרא דעם כּהן, דעם שרייבער.

כז וְעֶזְרָא הַכֹּהֵן הַסּוֹפֵר׃ וּבַחֲנֻכַּת חוֹמַת יְרוּשָׁלַ͏ִם
בִּקְשׁוּ אֶת־הַלְוִיִּם מִכָּל־מְקוֹמֹתָם לַהֲבִיאָם לִירוּשָׁלָ͏ִם
לַעֲשֹׂת חֲנֻכָּה וְשִׂמְחָה וּבְתוֹדוֹת וּבְשִׁיר מְצִלְתַּיִם נְבָלִים
כח וּבְכִנֹּרוֹת׃ וַיֵּאָסְפוּ בְּנֵי הַמְשֹׁרְרִים וּמִן־הַכִּכָּר סְבִיבוֹת
כט יְרוּשָׁלַ͏ִם וּמִן־חַצְרֵי נְטֹפָתִי׃ וּמִבֵּית הַגִּלְגָּל וּמִשְּׂדוֹת גֶּבַע
וְעַזְמָוֶת כִּי חֲצֵרִים בָּנוּ לָהֶם הַמְשֹׁרְרִים סְבִיבוֹת יְרוּשָׁלָ͏ִם׃
ל וַיִּטַּהֲרוּ הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם וַיְטַהֲרוּ אֶת־הָעָם וְאֶת־הַשְּׁעָרִים
לא וְאֶת־הַחוֹמָה׃ וָאַעֲלֶה אֶת־שָׂרֵי יְהוּדָה מֵעַל לַחוֹמָה
וָאַעֲמִידָה שְׁתֵּי תוֹדֹת גְּדוֹלֹת וְתַהֲלֻכֹת לַיָּמִין מֵעַל לַחוֹמָה
לב לְשַׁעַר הָאַשְׁפֹּת׃ וַיֵּלֶךְ אַחֲרֵיהֶם הוֹשַׁעְיָה וַחֲצִי שָׂרֵי
לג לד יְהוּדָה׃ וַעֲזַרְיָה עֶזְרָא וּמְשֻׁלָּם׃ יְהוּדָה וּבִנְיָמִן וּשְׁמַעְיָה
לה וְיִרְמְיָה׃ וּמִבְּנֵי הַכֹּהֲנִים בַּחֲצֹצְרוֹת זְכַרְיָה בֶן־יוֹנָתָן
לו בֶּן־שְׁמַעְיָה בֶּן־מַתַּנְיָה בֶּן־מִיכָיָה בֶּן־זַכּוּר בֶּן־אָסָף׃ וְאֶחָיו
שְׁמַעְיָה וַעֲזַרְאֵל מִלֲלַי גִּלֲלַי מָעַי נְתַנְאֵל וִיהוּדָה חֲנָנִי
בִּכְלֵי־שִׁיר דָּוִיד אִישׁ הָאֱלֹהִים וְעֶזְרָא הַסּוֹפֵר לִפְנֵיהֶם׃
לז וְעַל שַׁעַר הָעַיִן וְנֶגְדָּם עָלוּ עַל־מַעֲלוֹת עִיר דָּוִיד בַּמַּעֲלֶה
לח לַחוֹמָה מֵעַל לְבֵית דָּוִיד וְעַד שַׁעַר הַמַּיִם מִזְרָח׃ וְהַתּוֹדָה
הַשֵּׁנִית הַהוֹלֶכֶת לְמוֹאל וַאֲנִי אַחֲרֶיהָ וַחֲצִי הָעָם מֵעַל
לְהַחוֹמָה מֵעַל לְמִגְדַּל הַתַּנּוּרִים וְעַד הַחוֹמָה הָרְחָבָה׃
לט וּמֵעַל לְשַׁעַר־אֶפְרַיִם וְעַל־שַׁעַר הַיְשָׁנָה וְעַל־שַׁעַר הַדָּגִים
וּמִגְדַּל חֲנַנְאֵל וּמִגְדַּל הַמֵּאָה וְעַד שַׁעַר הַצֹּאן וְעָמְדוּ
מ בְּשַׁעַר הַמַּטָּרָה׃ וַתַּעֲמֹדְנָה שְׁתֵּי הַתּוֹדֹת בְּבֵית הָאֱלֹהִים
מא וַאֲנִי וַחֲצִי הַסְּגָנִים עִמִּי׃ וְהַכֹּהֲנִים אֶלְיָקִים מַעֲשֵׂיָה מִנְיָמִין
מב מִיכָיָה אֶלְיוֹעֵינַי זְכַרְיָה חֲנַנְיָה בַּחֲצֹצְרוֹת׃ וּמַעֲשֵׂיָה וּשְׁמַעְיָה
וְאֶלְעָזָר וְעֻזִּי וִיהוֹחָנָן וּמַלְכִּיָּה וְעֵילָם וָעָזֶר וַיַּשְׁמִיעוּ
מג הַמְשֹׁרְרִים וְיִזְרַחְיָה הַפָּקִיד׃ וַיִּזְבְּחוּ בַיּוֹם הַהוּא זְבָחִים
גְּדוֹלִים וַיִּשְׂמָחוּ כִּי הָאֱלֹהִים שִׂמְּחָם שִׂמְחָה גְדוֹלָה וְגַם

לח׳ יתיר א׳ לט׳ סבירין ועד

27 און בײַ דער באַנײַאונג פון דער מויער פון
ירושָלַיִם, האָט מען אויפגעזוכט די לוִיִים פון אַלע זייערע
ערטער, זיי צו ברענגען קיין ירושָלַיִם כּדי צו מאַכן אַ באַ־
נייאונג מיט שׂמחה, און מיט דאַנקגעבונגען, און מיט געזאַנג,
מיט צימבלען, גיטאַרן, און האַרפן. 28 און די קינדער פון
די זינגער האָבן זיך אײַנגעזאַמלט אי פון דער געגנט אַרום
ירושָלַיִם, אי פון די דערפער פון די נטוֹפָתים; 29 און פון
בֵּית־גִלגָל, און פון די פעלדער פון גֶבַע און עַזמָוֶת; וואָרום
די זינגערס האָבן זיך אויפגעבויט דערפער אַרום ירושָלַיִם.
30 און די כּהנים און די לוִיִים האָבן זיך גערייניקט, און זיי
האָבן גערייניקט דאָס פאָלק, און די טויערן, און די מויער.
31 און איך האָב אַרויפגעבראַכט די האַרן פון יהודה
אויף דער מויער; און איך האָב אײַנגעשטעלט צוויי
גרויסע לויב־מתנות און הַקָפות רעכטס אויף דער מויער
צום מיסטטויער צו. 32 און הינטער זיי איז געגאַנגען
הוֹשַעיָה, און אַ העלפט פון די האַרן פון יהודה; 33 און
עֲזַריָה, עזרא, און משולָם; 34 יהודה, און בנימין, און
שמַעיָה, און יִרמיָה. 35 און פון די קינדער פון די כּהנים,
מיט טרומייטן: זכַריָה דער זון פון יוֹנָתָן דעם זון פון
שמַעיָה, דעם זון פון מַתַניָה, דעם זון פון מיכָיָה, דעם זון
פון זַכּור, דעם זון פון אָסָפן; 36 און זיינע ברידער, שמַעיָה,
און עֲזַראֵל, מִלְלַי, גִלְלַי, מָעַי, נתַנאֵל, און יהודה, חֲנָני,
מיט די כּלֵי־זֶמֶר פון דוד דעם געטלעכן מאַן, און עזרא דער שרײַבער זיי פאָרויס. 37 און בײַם קוואַלטויער, און
גלייך אַקעגן זיך, זיינען זיי אַרויפגעגאַנגען מיט די טרעפּ פון דודס־שטאָט אויף דעם אַרויפגאַנג פון דער מויער,
איבער דעם הויז פון דוד, און ביז דעם וואַסערטויער צו מזרח. 38 און די צווייטע לויב־מתנה איז געגאַנגען אַנט־
קעגן, און איך הינטער איר, מיט אַ העלפט פון פאָלק, אויף דער מויער, איבער דעם טורעם פון די אויוונס, און ביז
דער ברייטער מויער; 39 און איבער דעם טויער פון אפרים, און איבער דעם אַלטן טויער, און איבער דעם פישטויער,
און דעם טורעם פון חֲנַנאֵל, און דעם טורעם פון הַמֵאָה, און ביז דעם שאָפטויער; און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט בײַם
טויער פון דער וואַך. 40 און די צוויי לויב־מתנות האָבן זיך אויסגעשטעלט אין הויז פון גאָט, און איך, און אַ העלפט פון
די פאָרשטייער מיט מיר; 41 און די כּהנים, אֶליָקים, מַעֲשֵׂיָה, מִניָמין, מיכָיָה, אֶליוֹעֵינַי, זכַריָה, חֲנַניָה, מיט טרומייטן;
42 און מַעֲשֵׂיָה, און שמַעיָה, און אֶלעָזָר, און עוזי, און יהוֹחָנָן, און מַלכּיָה, און עֵילָם, און עֶזֶר. און די זינגערס האָבן גע־
זונגען אין דער הייך, און יִזרַחיָה איז געווען דער אויפזעער. 43 און זיי האָבן געשלאַכט אין יענעם טאָג גרויסע שלאַכט־
אָפּפער, וואָרום זיי האָבן זיך געפרייט, ווייל גאָט האָט זיי דערפרייט אַ גרויסע פרייד, און אויך די ווייבער און די

הנשים והילדים שמחו ותשמע שמחת ירושלם *
מד מרחוק: ויפקדו ביום ההוא אנשים על־הנשכות לאוצרות
לתרומות לראשית ולמעשרות לכנוס בהם לשדי הערים
מנאות התורה לכהנים וללוים כי שמחת יהודה על־
מה הכהנים ועל־הלוים העמדים: וישמרו משמרת אלהיהם
ומשמרת הטהרה והמשררים והשערים כמצות דויד
מו ושלמה בנו: כי־בימי דויד ואסף מקדם ראש המשררים
מז ושיר־תהלה והדות לאלהים: וכל־ישראל בימי זרבבל
ובימי נחמיה נתנים מניות המשררים והשערים דבר־יום
ביומו ומקדשים ללוים והלוים מקדשים לבני אהרן:

יג

א ביום ההוא נקרא בספר משה באזני העם ונמצא כתוב
בו אשר לא־יבוא עמני ומאבי בקהל האלהים עד־עולם:
ב כי לא קדמו את־בני ישראל בלחם ובמים וישכר עליו
ג את־בלעם לקללו ויהפך אלהינו הקללה לברכה: ויהי
ד כשמעם את־התורה ויבדילו כל־ערב מישראל: ולפני
מזה אלישיב הכהן נתון בלשכת בית־אלהינו קרוב
ה לטוביה: ויעש לו לשכה גדולה ושם היו לפנים נתנים
את־המנחה הלבונה והכלים ומעשר הדגן התירוש
והיצהר מצות הלוים והמשררים והשוערים ותרומת
ו הכהנים: ובכל־זה לא הייתי בירושלם כי בשנת שלשים
ושתים לארתחשסתא מלך־בבל באתי אל־המלך ולקץ
ז ימים נשאלתי מן־המלך: ואבוא לירושלם ואבינה ברעה
אשר עשה אלישיב לטוביה לעשות לו נשכה בחצרי
ח בית האלהים: וירע לי מאד ואשליכה את־כל־כלי
ט בית־טוביה החוץ מן־הלשכה: ואמרה ויטהרו הלשכות
ואשיבה שם כלי בית האלהים את־המנחה והלבונה:

יב, מג׳ בס״א עד   מד׳ ב טעמים   מו׳ ואשי קרי

קינדער האָבן זיך געפרייט; און די שׂמחה פון ירושָלַיִם האָט זיך געהערט ביז אין דער ווייטן.

44 און אין יענעם טאָג זיינען אויפגעזעצט געוואָרן מענטשן אויף די קאַמערן פאַר די שאַצן, פאַר די אָפּ־שיידונגען, פאַר די ערשטפרוכטן, און פאַר די מַעשׂרות, כדי אײַנצוזאַמלען אין זיי, לויט די פעלדער פון די שטעט, די אָפּגאָבן פון דער תּורה פאַר די כּהנים און פאַר די לוִיִים; וואָרום יהודה האָט זיך געפרייט מיט די כּהנים און מיט די לוִיִים וואָס זיינען דאָרטן געשטאַנען. 45 און זיי האָבן געהיט די היטונג פון זייער גאָט, און די היטונג פון ריייניקונג; דעסגלייכן די זינגערס, און די טויערלייט, לויט דעם באַפעל פון דודן [און] זיין זון שלמהן. 46 וואָרום נאָך פון פאַרצייטן, אין די טעג פון דודן און אָסָפֿן זיינען געווען איבערזינגערס, און געזאַנגען פון לויב און דאַנק צו גאָט. 47 און גאַנץ ישׂראל אין די טעג פון זרובָבלן, און אין די טעג פון נחֶמיָהן, האָבן געגעבן די אָפּגאָבן פאַר די זינגערס און די טויערלייט לויט דעם באַדאַרף פון איט־לעכן טאָג; און זיי האָבן געהייליקט פאַר די לוִיִים, און די לוִיִים האָבן געהייליקט פאַר די קינדער פון אַהרן.

# יג

1 אין יענעם טאָג איז געלייענט געוואָרן פון דעם בוך פון משהן אין די אויערן פון פאָלק, און עס איז געפונען געוואָרן געשריבן דערין, אַז אַן עַמוני און אַ מוֹאָבי זאָל ניט קומען אין דער עדה פון גאָט ביז אויף אייביק, 2 ווייל זיי זיינען ניט אַקעגנגעקומען די קינדער פון ישׂראל מיט ברויט און מיט וואַסער, און זיי האָבן אָנגעדונגען אויף זיי בִלעָמען זיי צו שילטן, נאָר אונדזער גאָט האָט פאַרקערט די קללה אין אַ ברכה. 3 און עס איז געווען, ווי זיי האָבן געהערט די תּורה, אַזוי האָבן זיי אָפּגעשיידט יעטוועדער מישונג פון ישׂראל.

4 און פאַר דעם האָט אֶליָשיב דער כּהן וואָס איז געווען געשטעלט איבער די קאַמערן פון אונדזער גאָטס הויז, אַ קרוב פון טוֹבִיָהן, 5 געהאַט געמאַכט פאַר אים אַ גרויסע קאַמער, דאָרט וו מע האָט פריער אַוועקגעלייגט דאָס שפּייז־אָפּפער, דעם ווייַרויך, און די כלים, און דעם מעשׂר פון תּבואה, וויין, און אייל, וואָס איז באַפוילן פאַר די לוִיִים, און די זינגערס, און די טויערלייט, און די אָפּשיידונג פאַר די כּהנים. 6 און בעת דעם אַלעם בין איך ניט געווען אין ירושָלַיִם, וואָרום אין צוויי און דרייסיקסטן יאָר פון אַרתַּחשַׁסתָּא, דעם מלך פון בָבל, בין איך אַוועק צום מלך, און ערשט נאָך אַ פאַרלויף פון טעג האָב איך זיך אָפּגעבעטן ביים מלך. 7 און איך בין געקומען קיין ירושָלַיִם, און האָב געמערקט דאָס בייז וואָס אֶליָשיב האָט געטאָן פון טוֹבִיָהס וועגן, אים צו מאַכן אַ קאַמער אין די הויפן פון גאָטס הויז. 8 און מיך האָט זייער געערגערט, און איך האָב אַרויסגעוואָרפן אַלע זאַכן פון טוֹבִיָהס הויז דרויסן פון דער קאַמער. 9 און איך האָב געהייסן, און מע האָט גערייניקט די קאַמערן, און איך האָב אומגעקערט אַהין די כלים פון גאָטס הויז, דאָס שפּייזאָפּפער, און דעם ווייַרויך.

[10] און איך האָב זיך דערוווּסט אַז די אָפּגאָבן פון די לוִיִים זיינען ניט געגעבן געוואָרן, און די לוִיִים און די זינגערס וואָס האָבן געטאָן די אַרבעט, זיינען צעלאָפן איטלעכער צו זיין פעלד. [11] האָב איך זיך געקריגט מיט די פאָרשטייער, און איך האָב געזאָגט: פאַרוואָס איז פאַרלאָזן געוואָרן דאָס הויז פון גאָט? און איך האָב זיי אײַנגעזאַמלט, און האָב זיי געשטעלט אויף זייער אָרט. [12] און גאַנץ יהודה האָבן געבראַכט מעשׂר פון תּבוּאה, און אייל, און ווײַן, אין די שאַצקאַמערן. [13] און איך האָב געמאַכט פאַר שאַצמייַנסטער איבער די שאַצקאַמערן, שֶׁלֶמְיָה דעם כֹּהן, און צָדוֹק דעם שרייבער, און פְּדָיָהן פון די לוִיִים, און זיי צו דער האַנט, חָנָן דעם זון פון זַכּוּר דעם זון פון מַתַּנְיָהן, ווייל זיי זיינען געווען פאַררעכנט פאַר באַגלויבטע; און אויף זיי איז געלעגן אויסצוטיילן צו זייערע ברידער.

[14] געדענק מיר, גאָט מיינער, פאַר דעם, און לאָז ניט אָפּגעמעקט ווערן מייַנע גוטע זאַכן וואָס איך האָב געטאָן פאַר דעם הויז פון מיין גאָט, און פאַר זיינע וואַכן.

[15] אין יענע טעג האָב איך געזען אין יהודה ווי מע טרעט קעלטערן אום שבת, און מע ברענגט אַריין די סטויגן, און מע לאָדט אָן אויף אייזלען, און אויך ווײַן, טרויבן, און פייגן, און אַלערליי משׂא, און מע ברענגט אין ירושָׁלַיִם אין טאָג פון שבת; און איך האָב זיי געוואָרנט אין דעם טאָג וואָס זיי האָבן פאַרקויפט שפייז. [16] אויך די צוֹרים וואָס האָבן געוווינט אין איר, פלעגן ברענגען פיש און אַלערליי סחוֹרה, און פאַרקויפן אום שבת צו די קינדער פון יהודה, און אין ירושָׁלַיִם. [17] האָב איך זיך געקריגט מיט די אַדלליַיט פון יהודה, און איך האָב צו זיי געזאָגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ שלעכטע זאַך וואָס איר טוט, און פאַרשוועכט דעם טאָג פון שבת? [18] האָבן ניט אַזוי געטאָן אײַערע עלטערן, און אונדזער גאָט האָט געבראַכט דאָסדאָזיקע גאַנצע בייז אויף אונדז, און אויף דערדאָזיקער שטאָט? און איר מערט נאָך גרימצאָרן אויף ישׂראל, מחלל שבת צו זיין?

[19] און עס איז געווען, ווי די טויערן פון ירושָׁלַיִם האָבן אָנגעהויבן ווערן טונקל פאַר שבת, אַזוי האָב איך געהייסן, און די טירן זיינען פאַרשלאָסן געוואָרן, און איך האָב אָנגעזאָגט, אַז מע זאָל זיי ניט עפענען ביז נאָך שבת; און פון מיינע יונגען האָב איך געשטעלט ביי די טויערן, אַז קיין משׂא זאָל ניט אַרייַנקומען אין טאָג פון שבת. [20] און די הענדלער און די פאַרקויפער פון אַלערליי סחוֹרה האָבן גענעכטיקט דרויסן פון ירושָׁלַיִם איין מאָל און צוויי מאָל. [21] האָב איך זיי געוואָרנט, און האָב צו זיי געזאָגט: פאַרוואָס נעכטיקט איר לעבן דער מויער? אַז איר וועט עס טאָן אַ צווייט מאָל, וועל איך לייגן אַ האַנט אויף אײַך. פון יענער צייט אָן זיינען זיי ניט געקומען אום שבת. [22] און איך האָב אָנגעזאָגט די לוִיִים, אַז זיי זאָלן זיך רייניקן, און קומען היטן די טויערן, כּדי צו האַלטן הייליק דעם טאָג פון שבת.

דאָס אויך געדענק מיר, גאָט מיינער, און באַשיץ מיך לויט דיין גרויס גענאָד.

י וָאֵדְעָ֗ה כִּֽי־מְנָי֥וֹת הַלְוִיִּ֖ם לֹ֣א נִתָּ֑נָה וַיִּבְרְח֧וּ אִֽישׁ־לְשָׂדֵ֛הוּ
יא הַלְוִיִּ֥ם וְהַמְשֹׁרְרִ֖ים עֹשֵׂ֥י הַמְּלָאכָֽה׃ וָאָרִ֙יבָה֙ אֶת־הַסְּגָנִ֔ים
וָאֹ֣מְרָ֔ה מַדּ֖וּעַ נֶעֱזַ֣ב בֵּית־הָאֱלֹהִ֑ים וָאֶ֨קְבְּצֵ֔ם וָאַעֲמִדֵ֖ם עַל־
יב עָמְדָֽם׃ וְכָל־יְהוּדָ֗ה הֵבִ֛יאוּ מַעְשַׂ֥ר הַדָּגָ֛ן וְהַתִּיר֥וֹשׁ וְהַיִּצְהָ֖ר
יג לָאוֹצָרֽוֹת׃ וָאוֹצְרָ֣ה עַל־אוֹצָר֡וֹת שֶֽׁלֶמְיָה֩ הַכֹּהֵ֨ן וְצָד֜וֹק
הַסּוֹפֵ֗ר וּפְדָיָה֙ מִן־הַלְוִיִּ֔ם וְעַל־יָדָ֔ם חָנָ֥ן בֶּן־זַכּ֖וּר בֶּן־מַתַּנְיָ֑ה
כִּ֤י נֶֽאֱמָנִים֙ נֶחְשָׁ֔בוּ וַעֲלֵיהֶ֖ם לַחֲלֹ֥ק לַאֲחֵיהֶֽם׃
יד זָכְרָה־לִּ֥י אֱלֹהַ֖י עַל־זֹ֑את וְאַל־תֶּ֣מַח חֲסָדַ֗י אֲשֶׁ֧ר עָשִׂ֛יתִי
טו בְּבֵ֥ית אֱלֹהַ֖י וּבְמִשְׁמָרָֽיו׃ בַּיָּמִ֣ים הָ֠הֵמָּה רָאִ֨יתִי בִֽיהוּדָ֥ה ׀
דֹּֽרְכִֽים־גִּתּ֣וֹת ׀ בַּשַּׁבָּ֗ת וּמְבִיאִ֣ים הָעֲרֵמ֮וֹת וְעֹמְסִ֣ים עַל־
הַחֲמֹרִים֒ וְאַף־יַ֠יִן עֲנָבִ֤ים וּתְאֵנִים֙ וְכָל־מַשָּׂ֔א וּמְבִיאִ֥ים
טז יְרוּשָׁלִַ֖ם בְּי֣וֹם הַשַּׁבָּ֑ת וָאָעִ֕יד בְּי֖וֹם מִכְרָ֥ם צָֽיִד׃ וְהַצֹּרִים֙
יָ֣שְׁבוּ בָ֔הּ מְבִיאִ֥ים דָּ֖אג וְכָל־מֶ֑כֶר וּמֹכְרִ֧ים בַּשַּׁבָּ֛ת לִבְנֵ֥י
יז יְהוּדָ֖ה וּבִירוּשָׁלִָֽם׃ וָאָרִ֕יבָה אֵ֖ת חֹרֵ֣י יְהוּדָ֑ה וָאֹמְרָ֣ה לָהֶ֗ם
מָֽה־הַדָּבָ֤ר הָרָע֙ הַזֶּה֙ אֲשֶׁ֣ר אַתֶּ֣ם עֹשִׂ֔ים וּֽמְחַלְּלִ֖ים אֶת־
יח י֥וֹם הַשַּׁבָּֽת׃ הֲל֨וֹא כֹ֤ה עָשׂוּ֙ אֲבֹ֣תֵיכֶ֔ם וַיָּבֵ֨א אֱלֹהֵ֜ינוּ עָלֵ֗ינוּ
אֵ֚ת כָּל־הָרָעָ֣ה הַזֹּ֔את וְעַ֖ל הָעִ֣יר הַזֹּ֑את וְאַתֶּ֞ם מוֹסִיפִ֤ים
יט חָרוֹן֙ עַל־יִשְׂרָאֵ֔ל לְחַלֵּ֖ל אֶת־הַשַּׁבָּֽת׃ וַיְהִ֡י כַּאֲשֶׁ֣ר צָֽלְלוּ֩
שַׁעֲרֵ֨י יְרוּשָׁלִַ֜ם לִפְנֵ֣י הַשַּׁבָּ֗ת וָאֹֽמְרָה֙ וַיִּסָּגְר֣וּ הַדְּלָת֔וֹת
וָאֹ֣מְרָ֔ה אֲשֶׁ֣ר לֹ֣א יִפְתָּח֔וּם עַ֖ד אַחַ֣ר הַשַּׁבָּ֑ת וּמִנְּעָרַ֗י
הֶֽעֱמַ֙דְתִּי֙ עַל־הַשְּׁעָרִ֔ים לֹא־יָב֥וֹא מַשָּׂ֖א בְּי֥וֹם הַשַּׁבָּֽת׃
כ וַיָּלִ֨ינוּ הָרֹכְלִ֜ים וּמֹכְרֵ֧י כָל־מִמְכָּ֛ר מִח֥וּץ לִירוּשָׁלִָ֖ם פַּ֥עַם
כא וּשְׁתָּֽיִם׃ וָאָעִ֣ידָה בָהֶ֗ם וָאֹמְרָ֤ה אֲלֵיהֶם֙ מַדּ֙וּעַ֙ אַתֶּ֤ם לֵנִים֙
נֶ֣גֶד הַֽחוֹמָ֔ה אִם־תִּשְׁנ֕וּ יָ֖ד אֶשְׁלַ֣ח בָּכֶ֑ם מִן־הָעֵ֣ת הַהִ֔יא
כב לֹא־בָ֖אוּ בַּשַּׁבָּֽת׃ וָאֹמְרָ֣ה לַלְוִיִּ֗ם אֲשֶׁ֨ר יִֽהְי֤וּ מִֽטַּהֲרִים֙
וּבָאִים֙ שֹׁמְרִ֣ים הַשְּׁעָרִ֔ים לְקַדֵּ֖שׁ אֶת־י֣וֹם הַשַּׁבָּ֑ת גַּם־זֹ֗את
כג זָכְרָה־לִּ֣י אֱלֹהַ֔י וְח֥וּסָה עָלַ֖י כְּרֹ֥ב חַסְדֶּֽךָ׃ גַּ֣ם ׀ בַּיָּמִ֣ים

טז׳ יתיר א׳ כ׳ קמץ בטרחא כא׳ הל׳ בצרי

הָהֵם רָאִיתִי אֶת־הַיְּהוּדִים הֹשִׁיבוּ נָשִׁים אַשְׁדּוֹדִיּוֹת עַמּוֹנִיּוֹת
מוֹאֲבִיּוֹת׃ וּבְנֵיהֶם חֲצִי מְדַבֵּר אַשְׁדּוֹדִית וְאֵינָם מַכִּירִים כד
לְדַבֵּר יְהוּדִית וְכִלְשׁוֹן עַם וָעָם׃ וָאָרִיב עִמָּם וָאֲקַלְלֵם כה
וָאַכֶּה מֵהֶם אֲנָשִׁים וָאֶמְרְטֵם וָאַשְׁבִּיעֵם בֵּאלֹהִים אִם־
תִּתְּנוּ בְנֹתֵיכֶם לִבְנֵיהֶם וְאִם־תִּשְׂאוּ מִבְּנֹתֵיהֶם לִבְנֵיכֶם
וְלָכֶם׃ הֲלוֹא עַל־אֵלֶּה חָטָא־שְׁלֹמֹה מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וּבַגּוֹיִם כו
הָרַבִּים לֹא־הָיָה מֶלֶךְ כָּמֹהוּ וְאָהוּב לֵאלֹהָיו הָיָה וַיִּתְּנֵהוּ
אֱלֹהִים מֶלֶךְ עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל גַּם־אוֹתוֹ הֶחֱטִיאוּ הַנָּשִׁים
הַנָּכְרִיּוֹת׃ וְלָכֶם הֲנִשְׁמַע לַעֲשֹׂת אֵת כָּל־הָרָעָה הַגְּדוֹלָה כז
הַזֹּאת לִמְעֹל בֵּאלֹהֵינוּ לְהֹשִׁיב נָשִׁים נָכְרִיּוֹת׃ וּמִבְּנֵי יוֹיָדָע כח
בֶּן־אֶלְיָשִׁיב הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל חָתָן לְסַנְבַלַּט הַחֹרֹנִי וָאַבְרִיחֵהוּ
מֵעָלָי׃ זָכְרָה לָהֶם אֱלֹהָי עַל־גָּאֳלֵי הַכְּהֻנָּה וּבְרִית הַכְּהֻנָּה כט
וְהַלְוִיִּם׃ וְטִהַרְתִּים מִכָּל־נֵכָר וָאַעֲמִידָה מִשְׁמָרוֹת לַכֹּהֲנִים ל
וְלַלְוִיִּם אִישׁ בִּמְלַאכְתּוֹ׃ וּלְקֻרְבַּן הָעֵצִים בְּעִתִּים מְזֻמָּנוֹת לא
וְלַבִּכּוּרִים זָכְרָה־לִּי אֱלֹהַי לְטוֹבָה׃

---

כג׳ יתיר י    יתיר י    ל׳ס זעירא

23 אויך האָב איך אין יענע טעג געזען יִדן וואָס האָבן גענומען אַשדודישע, עַמונישע, מואָבישע ווייבער. 24 און זייערע קינדער האָבן האַלב גערעדט אַשדודיש, און האָבן ניט געקענט רעדן יהודיש, נייערט לויט דעם לשון פון דעם פאָלק אָדער יענעם. 25 האָב איך זיך געקריגט מיט זיי, און איך האָב זיי געשאָלטן, און איך האָב געשלאָגן עטלעכע פון זיי, און זיי געריסן פאַר די האָר. און איך האָב זיי באַשוואָרן ביי גאָט: איר זאָלט ניט געבן אַייערע טעכטער צו זייערע זין, און ניט נעמען פון זייערע טעכטער פאַר אַייערע זין אָדער פאַר אַייך אַליין. 26 האָט ניט וועגן דעם זיך פאַרזינדיקט שלמה דער מלך פון ישׂראל, וואָס צווישן די פיל פעלקער איז ניט געווען אַ מלך אַזאַ ווי ער, און ער איז געווען באַליבט ביי זיין גאָט, און גאָט האָט אים געמאַכט פאַר אַ מלך איבער גאַנץ ישׂראל? אַפילו אים האָבן די פרעמדע ווייבער געמאַכט זינדיקן. 27 און מיר זאָלן זיך צוהערן צו אַייך צו טאָן דאָסדאָזיקע גרויסע בייז, צו פעלשן אָן אונדזער גאָט, צו נעמען פרעמדע ווייבער?

28 און איינער פון די זין פון יוֹיָדָע דעם זון פון אֶלְיָשִיב דעם כֹּהן־גָדול איז געווען אַן איידים פון סַנבַלַט דעם חורוני, און איך האָב אים אַוועקגעיאָגט פון מיר.

29 געדענק זיי, גאָט מיינער, פאַר די פאַראומווערדיקונגען פון דער כהונה, און פון דעם בונד פון דער כהונה און די לְוִיִם.

30 אַזוי האָב איך זיי געריייניקט פון אַלעם פרעמדן, און איך האָב אַיינגעשטעלט די וואַכן פאַר די כֹּהנים און פאַר די לְוִיִם, איטלעכן אויף זיין אַרבעט; 31 און אויף צו ברענגען האָלץ אין געשטעלטע צייטן, און פאַר די ערשט־צייטיקע פרוכטן.

דערמאָן דאָס מיר, גאָט מיינער, צום גוטן.

# חזק

סכום פסוקי דעזרא ונחמיה שש מאות ושמונים וחמשה. וסימנו
בונה ירושלים ה׳. וחציו ובין עלית הפנה. וסדריו עשרה.
וסימנו על הר גבה עלי לך מבשרת ציון׃

# דִבְרֵי הַיָּמִים א

אָדָם שֵׁת אֱנוֹשׁ׃ קֵינָן מַהֲלַלְאֵל יָרֶד׃ חֲנוֹךְ מְתוּשֶׁלַח א ב ג
לָמֶךְ׃ נֹחַ שֵׁם חָם וָיָפֶת׃ בְּנֵי יֶפֶת גֹּמֶר וּמָגוֹג וּמָדַי וְיָוָן ד ה
וְתֻבָל וּמֶשֶׁךְ וְתִירָס׃ וּבְנֵי גֹּמֶר אַשְׁכְּנַז וְדִיפַת וְתוֹגַרְמָה׃ ו
וּבְנֵי יָוָן אֱלִישָׁה וְתַרְשִׁישָׁה כִּתִּים וְרוֹדָנִים׃ בְּנֵי חָם כּוּשׁ ז ח
וּמִצְרַיִם פּוּט וּכְנָעַן׃ וּבְנֵי כוּשׁ סְבָא וַחֲוִילָה וְסַבְתָּא ט
וְרַעְמָא וְסַבְתְּכָא וּבְנֵי רַעְמָא שְׁבָא וּדְדָן׃ וְכוּשׁ יָלַד אֶת־ י
נִמְרוֹד הוּא הֵחֵל לִהְיוֹת גִּבּוֹר בָּאָרֶץ׃ וּמִצְרַיִם יָלַד אֶת־ יא
לוּדִיִּים וְאֶת־עֲנָמִים וְאֶת־לְהָבִים וְאֶת־נַפְתֻּחִים׃ וְאֶת־ יב
פַּתְרֻסִים וְאֶת־כַּסְלֻחִים אֲשֶׁר יָצְאוּ מִשָּׁם פְּלִשְׁתִּים וְאֶת־
כַּפְתֹּרִים׃ וּכְנַעַן יָלַד אֶת־צִידוֹן בְּכֹרוֹ וְאֶת־חֵת׃ יג
וְאֶת־הַיְבוּסִי וְאֶת־הָאֱמֹרִי וְאֵת הַגִּרְגָּשִׁי׃ וְאֶת־הַחִוִּי וְאֶת־ יד טו
הַעַרְקִי וְאֶת־הַסִּינִי׃ וְאֶת־הָאַרְוָדִי וְאֶת־הַצְּמָרִי וְאֶת־ טז
הַחֲמָתִי׃ בְּנֵי שֵׁם עֵילָם וְאַשּׁוּר וְאַרְפַּכְשַׁד וְלוּד יז
וַאֲרָם וְעוּץ וְחוּל וְגֶתֶר וָמֶשֶׁךְ׃ וְאַרְפַּכְשַׁד יָלַד אֶת־ יח
שָׁלַח וְשֶׁלַח יָלַד אֶת־עֵבֶר׃ וּלְעֵבֶר יֻלַּד שְׁנֵי בָנִים שֵׁם יט
הָאֶחָד פֶּלֶג כִּי בְיָמָיו נִפְלְגָה הָאָרֶץ וְשֵׁם אָחִיו יָקְטָן׃
וְיָקְטָן יָלַד אֶת־אַלְמוֹדָד וְאֶת־שָׁלֶף וְאֶת־חֲצַרְמָוֶת וְאֶת־ כ
יָרַח׃ וְאֶת־הֲדוֹרָם וְאֶת־אוּזָל וְאֶת־דִּקְלָה׃ וְאֶת־עֵיבָל כא כב
וְאֶת־אֲבִימָאֵל וְאֶת־שְׁבָא׃ וְאֶת־אוֹפִיר וְאֶת־חֲוִילָה וְאֶת־ כג

א׳ א׳ רבתי   יא׳ יתיר י׳   יז׳ סגל בס״ס

א 1 אָדָם, שֵׁת, אֱנוֹשׁ; 2 קֵינָן, מַהֲלַלְאֵל, יָרֶד; 3 חֲנוֹך,
מְתוּשֶׁלַח, לֶמֶך; 4 נֹחַ, שֵׁם, חָם, און יָפֶת.
5 די זין פון יֶפֶתן: גוֹמֶר, און מָגוֹג, און מָדַי, און יָוָן,
און תּוּבַל, און מֶשֶׁך, און תִּירָס. 6 און די זין פון גוֹמֶרן:
אַשכְּנַז, און רִיפַת, און תּוֹגַרמָה. 7 און די זין פון יָוָנען:
אֱלִישָׁה, און תַּרשִׁישָׁה, די כִּתִּים, און די דוֹדָנִים.
8 די זין פון חָמען: כּוּשׁ, און מִצרַיִם, פּוּט, און כְּנַעַן.
9 און די זין פון כּושן: סבָא, און חֲוִילָה, און סַבתָּא, און
רַעְמָא, און סַבתכא. און די זין פון רַעְמָאן: שבָא, און דְדָן.
10 און כּוּשׁ האָט געבאָרן נִמרוֹדן. ער איז געווען דער
ערשטער מאַכטיקער אויף דער ערד. 11 און מִצרַיִם
האָט געבאָרן די לוּדִים, און די עֲנָמִים, און די לְהָבִים, און
די נַפתּוּחִים, 12 און די פַּתרוּסִים, און די כַּסלוּחִים,–פון
וואַנען די פְּלִשׁתִּים זיינען אַרויסגעקומען–און די כַּפתּוֹרִים.
13 און כְּנַעַן האָט געבאָרן צִידוֹן זיין בְּכוֹר, און חֵתן; 14 און
דעם יבוּסִי, און דעם אֱמוֹרִי, און דעם גִרגָשִׁי; 15 און דעם
חִוִי, און דעם עַרקִי, און דעם סִינִי; 16 און דעם אַרוָדִי, און דעם צְמָרִי, און דעם חֲמָתִי.
17 די זין פון שֵׁמען: עֵילָם, און אַשּׁוּר, און אַרפַּכשַׁד, און לוּד, און אֲרָם, און עוּץ, און חוּל, און גֶתֶר, און מֶשֶׁך.
18 און אַרפַּכשַׁד האָט געבאָרן שֶׁלַחן, און שֶׁלַח האָט געבאָרן עֵבֶרן. 19 און ביי עֵבֶרן זיינען געבאָרן געוואָרן צוויי זין;
דער נאָמען פון איינעם איז געווען פֶּלֶג*, ווייל אין זיינע טעג איז צעטיילט געוואָרן די ערד; און דער נאָמען פון זיין
ברודער איז געווען יָקטָן. 20 און יָקטָן האָט געבאָרן אַלמוֹדָדן, און שֶׁלֶפן, און חֲצַרמָוֶתן, און יֶרַחן; 21 און הֲדוֹרָמען,
און אוּזָלן, און דִקלָהן; 22 און עֵיבָלן, און אֲבִימָאֵלן, און שבָאן; 23 און אוֹפִירן, און חֲוִילָהן, און יוֹבָבן. די אַלע זיינען
געווען יָקטָנס זין.

* ד.ה. צעטיילונג.

24 שֵׁם, אַרְפַּכשַׁד, שֶׁלַח; 25 עֵבֶר, פֶּלֶג, רְעוּ; 26 שְׂרוּג,
נָחוֹר, תֶּרַח; 27 אַבְרָם, דאָס איז אַבְרָהָם. 28 די זין פון
אַברהמען: יִצחָק, און יִשמָעֵאל.

29 דאָס זיינען זייערע געבורטן: דער בּכוֹר פון
יִשמָעֵאלן, נבָיוֹת, און קֵדָר, און אַדבְּאֵל, און מִבשָׂם;
30 מִשמָע, און דוּמָה, מַשָׂא, חֲדַד, און תֵּימָא; 31 יטוּר, נָפִיש,
און קֵדמָה. דאָס זיינען די זין פון יִשמָעֵאלן.

32 און די זין פון קטוּרָה, אַברהמס קעפּסווייב: זי
האָט געבּאָרן זִמרָנען, און יָקשָנען, און מדָנען, און מִדיָנען,
און יִשבָּקן, און שוּחַן. און די זין פון יָקשָנען זיינען געווען:
שבאָ, און דדָן. 33 און די זין פון מִדיָנען: עֵיפָה, און עֵפֶר,
און חֲנוֹך, און אֲבִידָע, און אֶלדָעָה. די אַלע זיינען געווען
די זין פון קטוּרָהן.

34 און אַברהם האָט געבּאָרן יצחקן. די זין פון יצחקן
זיינען געווען: עֵשָׂו, און יִשׂרָאֵל.

35 די זין פון עֵשָׂון: אֶלִיפַז, רְעוּאֵל, און יְעוּש, און
יַעְלָם, און קֹרַח. 36 די זין פון אֶלִיפַזן: תֵּימָן, און אוֹמָר
צפי, און גַעְתָּם, קנַז, און תִּמנַע, און עֲמָלֵק. 37 די זין פון
רְעוּאֵלן: נַחַת, זֶרַח, שַׁמָּה, און מִזָּה.

38 און די זין פון שֵׂעִירן: לוֹטָן, און שוֹבָל, און צִבְעוֹן,
און עֲנָה, און דישוֹן, און אֵצֶר, און דישָן. 39 און די זין פון
לוֹטָנען: חוֹרי, און הוֹמָם; און די שוועסטער פון לוֹטָנען:
תִּמנַע. 40 די זין פון שוֹבָלן: עַליָן, און מָנַחַת, און עֵיבָל,
שפי, און אוֹנָם. און די זין פון צִבְעוֹנען: אַיָה, און עֲנָה.
41 די זין פון עֲנָהן: דישוֹן. און די זין פון דישוֹנען: חַמרָן, און אֶשבָּן, און יִתרָן, און כרָן. 42 די זין פון אֵצֶרן: בִּלהָן,
און זַעֲוָן, יַעֲקָן. די זין פון דישָנען: עוּץ, און אֲרָן.

43 און דאָס זיינען די מלכים וואָס האָבן געקיניגט אין לאַנד אֱדוֹם איידער עס האָט געקיניגט אַ קיניג בּיי די
קינדער פון ישׂראל: בֶּלַע דער זון פון בְּעוֹרן; און דער נאָמען פון זיין שטאָט איז געווען דִנהָבָה. 44 איז בֶּלַע גע־
שטאָרבן, און אויף זיין אָרט האָט געקיניגט יוֹבָב דער זון פון זֶרַחן, פון בָּצרָה. 45 איז יוֹבָב געשטאָרבן, און אויף זיין
אָרט האָט געקיניגט חוּשָם פון לאַנד פון דעם תֵּימָני. 46 איז חוּשָם געשטאָרבן, און אויף זיין אָרט האָט געקיניגט הֲדַד
דער זון פון בּדַדן, וואָס האָט געשלאָגן מִדיָן אין פעלד פון מוֹאָב; און דער נאָמען פון זיין שטאָט איז געווען עֲוִית.
47 איז הֲדַד געשטאָרבן, און אויף זיין אָרט האָט געקיניגט שַׂמלָה פון מַשׂרֵקָה. 48 איז שַׂמלָה געשטאָרבן, און אויף
זיין אָרט האָט געקיניגט שָאוּל פון רחוֹבוֹת בּיים טייך. 49 איז שָאוּל געשטאָרבן, און אויף זיין אָרט האָט געקיניגט
בַּעַל־חָנָן דער זון פון עַכבּוֹרן; 50 איז בַּעַל־חָנָן געשטאָרבן, און אויף זיין אָרט האָט געקיניגט הֲדַד; און דער נאָמען
פון זיין שטאָט איז געווען פָּעִי; און דער נאָמען פון זיין ווייב איז געווען מְהֵיטַבאֵל די טאָכטער פון מַטרֵד דער

כד יוֹבָב כָּל־אֵלֶּה בְּנֵי יָקְטָן׃ שֵׁם׀ אַרְפַּכְשַׁד שָׁלַח׃
כה כו כז עֵבֶר פֶּלֶג רְעוּ׃ שְׂרוּג נָחוֹר תָּרַח׃ אַבְרָם הוּא אַבְרָהָם׃
כח כט בְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיִשְׁמָעֵאל׃ אֵלֶּה תֹּלְדוֹתָם
ל בְּכוֹר יִשְׁמָעֵאל נְבָיוֹת וְקֵדָר וְאַדְבְּאֵל וּמִבְשָׂם׃ מִשְׁמָע
לא וְדוּמָה מַשָּׂא חֲדַד וְתֵימָא׃ יְטוּר נָפִישׁ וָקֵדְמָה אֵלֶּה הֵם
לב בְּנֵי יִשְׁמָעֵאל׃ וּבְנֵי קְטוּרָה פִּילֶגֶשׁ אַבְרָהָם יָלְדָה
אֶת־זִמְרָן וְיָקְשָׁן וּמְדָן וּמִדְיָן וְיִשְׁבָּק וְשׁוּחַ וּבְנֵי יָקְשָׁן שְׁבָא
לג וּדְדָן׃ וּבְנֵי מִדְיָן עֵיפָה וָעֵפֶר וַחֲנוֹךְ וַאֲבִידָע וְאֶלְדָּעָה
לד כָּל־אֵלֶּה בְּנֵי קְטוּרָה׃ וַיּוֹלֶד אַבְרָהָם אֶת־יִצְחָק
לה בְּנֵי יִצְחָק עֵשָׂו וְיִשְׂרָאֵל׃ בְּנֵי עֵשָׂו אֱלִיפַז רְעוּאֵל
לו וִיעוּשׁ וְיַעְלָם וְקֹרַח׃ בְּנֵי אֱלִיפַז תֵּימָן וְאוֹמָר צְפִי
לז וְגַעְתָּם קְנַז וְתִמְנָע וַעֲמָלֵק׃ בְּנֵי רְעוּאֵל נַחַת זֶרַח
לח שַׁמָּה וּמִזָּה׃ וּבְנֵי שֵׂעִיר לוֹטָן וְשׁוֹבָל וְצִבְעוֹן וַעֲנָה וְדִישֹׁן
לט וְאֵצֶר וְדִישָׁן׃ וּבְנֵי לוֹטָן חוֹרִי וְהוֹמָם וַאֲחוֹת לוֹטָן
מ תִּמְנָע׃ בְּנֵי שׁוֹבָל עַלְיָן וּמָנַחַת וְעֵיבָל שְׁפִי וְאוֹנָם
מא וּבְנֵי צִבְעוֹן אַיָּה וַעֲנָה׃ בְּנֵי עֲנָה דִּישׁוֹן וּבְנֵי דִישׁוֹן
מב חַמְרָן וְאֶשְׁבָּן וְיִתְרָן וּכְרָן׃ בְּנֵי אֵצֶר בִּלְהָן וְזַעֲוָן
מג יַעֲקָן בְּנֵי דִישׁוֹן עוּץ וַאֲרָן׃ וְאֵלֶּה הַמְּלָכִים אֲשֶׁר
מָלְכוּ בְּאֶרֶץ אֱדוֹם לִפְנֵי מְלָךְ־מֶלֶךְ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל בֶּלַע
מד בֶּן־בְּעוֹר וְשֵׁם עִירוֹ דִּנְהָבָה׃ וַיָּמָת בָּלַע וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו
מה יוֹבָב בֶּן־זֶרַח מִבָּצְרָה׃ וַיָּמָת יוֹבָב וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו חוּשָׁם
מו מֵאֶרֶץ הַתֵּימָנִי׃ וַיָּמָת חוּשָׁם וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו הֲדַד בֶּן־בְּדַד
מז הַמַּכֶּה אֶת־מִדְיָן בִּשְׂדֵה מוֹאָב וְשֵׁם עִירוֹ עֲיוֹת׃ וַיָּמָת
מח הֲדָד וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו שַׂמְלָה מִמַּשְׂרֵקָה׃ וַיָּמָת שַׂמְלָה
מט וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו שָׁאוּל מֵרְחֹבוֹת הַנָּהָר׃ וַיָּמָת שָׁאוּל וַיִּמְלֹךְ
נ תַּחְתָּיו בַּעַל חָנָן בֶּן־עַכְבּוֹר׃ וַיָּמָת בַּעַל חָנָן וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו
הֲדַד וְשֵׁם עִירוֹ פָּעִי וְשֵׁם אִשְׁתּוֹ מְהֵיטַבְאֵל בַּת־מַטְרֵד

---

מו' שית קרי

נא בַּת מֵי זָהָב׃ וַיָּמָת הֲדָד וַיִּהְיוּ אַלּוּפֵי אֱדוֹם אַלּוּף תִּמְנָע
נב אַלּוּף עַלְיָה אַלּוּף יְתֵת׃ אַלּוּף אָהֳלִיבָמָה אַלּוּף אֵלָה
נג אַלּוּף פִּינֹן׃ אַלּוּף קְנַז אַלּוּף תֵּימָן אַלּוּף מִבְצָר׃ נד אַלּוּף
מַגְדִּיאֵל אַלּוּף עִירָם אֵלֶּה אַלּוּפֵי אֱדוֹם׃

ב

א אֵלֶּה בְּנֵי יִשְׂרָאֵל רְאוּבֵן שִׁמְעוֹן לֵוִי וִיהוּדָה יִשָּׂשכָר
ב וּזְבֻלוּן׃ דָּן יוֹסֵף וּבִנְיָמִן נַפְתָּלִי גָּד וְאָשֵׁר׃ ג בְּנֵי
יְהוּדָה עֵר וְאוֹנָן וְשֵׁלָה שְׁלוֹשָׁה נוֹלַד לוֹ מִבַּת־שׁוּעַ
הַכְּנַעֲנִית וַיְהִי עֵר ׀ בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי יְהוָה וַיְמִיתֵהוּ׃
ד וְתָמָר כַּלָּתוֹ יָלְדָה־לּוֹ אֶת־פֶּרֶץ וְאֶת־זָרַח כָּל־בְּנֵי יְהוּדָה
ה ו חֲמִשָּׁה׃ בְּנֵי־פֶרֶץ חֶצְרוֹן וְחָמוּל׃ וּבְנֵי זֶרַח זִמְרִי
ז וְאֵיתָן וְהֵימָן וְכַלְכֹּל וָדָרַע כֻּלָּם חֲמִשָּׁה׃ וּבְנֵי כַּרְמִי עָכָר
ח ט עוֹכֵר יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר מָעַל בַּחֵרֶם׃ וּבְנֵי אֵיתָן עֲזַרְיָה׃ וּבְנֵי
חֶצְרוֹן אֲשֶׁר נוֹלַד־לוֹ אֶת־יְרַחְמְאֵל וְאֶת־רָם וְאֶת־כְּלוּבָי׃
י וְרָם הוֹלִיד אֶת־עַמִּינָדָב וְעַמִּינָדָב הוֹלִיד אֶת־נַחְשׁוֹן נְשִׂיא
יא בְּנֵי יְהוּדָה׃ וְנַחְשׁוֹן הוֹלִיד אֶת־שַׂלְמָא וְשַׂלְמָא הוֹלִיד
יב אֶת־בֹּעַז׃ וּבֹעַז הוֹלִיד אֶת־עוֹבֵד וְעוֹבֵד הוֹלִיד אֶת־יִשָׁי׃
יג וְאִישַׁי הוֹלִיד אֶת־בְּכֹרוֹ אֶת־אֱלִיאָב וַאֲבִינָדָב הַשֵּׁנִי וְשִׁמְעָא
יד טו הַשְּׁלִשִׁי׃ נְתַנְאֵל הָרְבִיעִי רַדַּי הַחֲמִישִׁי׃ אֹצֶם הַשִּׁשִּׁי
טז דָּוִיד הַשְּׁבִעִי׃ וְאַחְיֹתֵיהֶם צְרוּיָה וַאֲבִיגָיִל וּבְנֵי צְרוּיָה
יז אַבְשַׁי וְיוֹאָב וַעֲשָׂה־אֵל שְׁלֹשָׁה׃ וַאֲבִיגַיִל יָלְדָה אֶת־
יח עֲמָשָׂא וַאֲבִי עֲמָשָׂא יֶתֶר הַיִּשְׁמְעֵאלִי׃ וְכָלֵב בֶּן־
חֶצְרוֹן הוֹלִיד אֶת־עֲזוּבָה אִשָּׁה וְאֶת־יְרִיעוֹת וְאֵלֶּה בָנֶיהָ
יט יֵשֶׁר וְשׁוֹבָב וְאַרְדּוֹן׃ וַתָּמָת עֲזוּבָה וַיִּקַּח־לוֹ כָלֵב אֶת־
כ אֶפְרָת וַתֵּלֶד לוֹ אֶת־חוּר׃ וְחוּר הוֹלִיד אֶת־אוּרִי וְאוּרִי
כא הוֹלִיד אֶת־בְּצַלְאֵל׃ וְאַחַר בָּא חֶצְרוֹן אֶל־בַּת־מָכִיר אֲבִי
גִלְעָד וְהוּא לְקָחָהּ וְהוּא בֶּן־שִׁשִּׁים שָׁנָה וַתֵּלֶד לוֹ אֶת־

א, נא׳ עליה קרי ב, יג׳ כצ״ל יח׳ בס״א ׃

טאָכטער פון מֵי־זָהָבן. 51 און הֲדַד איז געשטאָרבן. און די פירשטן פון אֱדום זיינען געווען: דער פירשט פון תִּמנַע, דער פירשט פון עַלוָה, דער פירשט פון יְתֵת; 52 דער פירשט פון אָהֳליבָמָה, דער פירשט פון אֵלָה, דער פירשט פון פִּינון; 53 דער פירשט פון קְנַז, דער פירשט פון תֵּימָן, דער פירשט פון מִבצָר; 54 דער פירשט פון מַגדיאֵל, דער פירשט פון עִירָם. דאָס זיינען די פירשטן פון אֱדום.

ב 1 דאָס זיינען די זין פון ישׂראלן: ראובן, שמעון, לֵוִי, און יהודה, יִששָׂכָר, און זבולון; 2 דָן, יוסף, און בנימין, נפתּלי, גָד, און אָשר.

3 די זין פון יהודהן: עֵר, און אונָן, און שֵׁלָה; די דריי זיינען אים געבאָרן געוואָרן פון בַּת־שוּעַ דער כּנַעֲנית, און עֵר, יהודהס בכור, איז געווען שלעכט אין די אויגן פון גאָט, און ער האָט אים געטייט. 4 און תָּמָר זיין שנור האָט אים געבאָרן פֶּרֶצן, און זֶרחן. אַלע זין פון יהודהן: פינף.

5 די זין פון פֶּרֶצן: חֶצרון, און חָמול. 6 און די זין פון זֶרַחן: זִמרי, און אֵיתָן, און הֵימָן, און כַּלכּול, און דָרַע; אין אַלעמען פינף. 7 און די זין פון כַּרמין: עָכָר, דער פאַראומגליקער פון ישׂראל וואָס האָט געפעלשט אָן חרםא. 8 און די זין פון אֵיתָנען: עֲזַריָה.

9 און די זין פון חֶצרונען וואָס זיינען אים געבאָרן געוואָרן: יְרַחמְאֵל, און רָם, און כלובָי. 10 און רָם האָט געבאָרן עַמינָדָבן, און עַמינָדָב האָט געבאָרן נַחשון דעם פירשט פון די קינדער פון יהודה. 11 און נַחשון האָט געבאָרן שַׂלמאָן, און שַׂלמָא האָט געבאָרן בועַזן. 12 און בועַז האָט געבאָרן עובֵדן, און עובֵד האָט געבאָרן יִשַׁין. 13 און יִשַׁי האָט געבאָרן זיין בְּכור אֱליאָבן, און אֲבינָדָב דעם צווייטן, און שִׁמעָא דעם דריטן; 14 נתַנאֵל דעם פירטן, רַדַי דעם פינפטן; 15 אוצֶם דעם זעקסטן, דוִד דעם זיבעטן. 16 און זייערע שוועסטער זיינען געווען: צרויָה, און אֲביגַיִל. און די זין פון צרויָהן: אַבשַׁי, און יואָב, און עֲשָׂהאֵל–דריי. 17 און אֲביגַיִל האָט געבאָרן עֲמָשאָן, און עֲמָשאָס פאָטער איז געווען יֶתֶר דער יִשמעאֵלי.

18 און כָּלֵב דער זון פון חֶצרונען האָט געהאַט קינדער מיט דער ווייב עֲזובָהן–און מיט יריעותן–און דאָס זיינען אירע זין: יֵשֶׁר, און שובָב, און אַרדון. 19 איז עֲזובָה געשטאָרבן און כָּלֵב האָט זיך גענומען אֶפרָתן, און זי האָט אים געבאָרן חורן. 20 און חור האָט געבאָרן אורין, און אורי האָט געבאָרן בצַלאֵלן.

21 און דערנאָך איז געקומען חֶצרון צו דער טאָכטער פון מָכיר דעם פאָטער פון גִלעָד, וואָס ער האָט גענומען ווען ער איז געווען זעכציק יאָר אַלט; און זי האָט אים געבאָרן שׂגובן. 22 און שׂגוב האָט געבאָרן יָאירן, וואָס האָט

א זע יהושע ז, 19–26.

געהאַט דריי און צוואַנציק שטעט אין לאַנד גִלעָד. 23 און גשור און אָרַם האָבן אַוועקגענומען פון זיי חַוות־יָאירא, קנָת און אירע טעכטערשטעט, זעכציק שטעט. די אַלע זיינען די זין פון מָכיר דעם פאָטער פון גִלעָד. 24 און נאָך חֶצרונס טויט אין כָּלֵב־אֶפרָת, האָט אַבִיָה, חֶצרונס ווייב, געבאָרן פון אים אַשחור דעם פאָטער פון תקוַע.

25 און די זין פון יֵרַחמְאֵל, חֶצרונס בכור, זיינען געווען: דער בכור רָם, און בונָה, און אורֶן, און אוצֶם, אַחִיָה. 26 און יֵרַחמְאֵל האָט געהאַט נאָך אַן אַנדער ווייב, וואָס איר נאָמען איז געווען עֲטָרָה; זי איז געווען די מוטער פון אונָמען.

27 און די זין פון רָם, יֵרַחמְאֵלס בכור, זיינען געווען: מַעַץ, און יָמין, און עֵקֶר. 28 און די זין פון אונָמען זיינען געווען: שַמַי, און יָדָע. און די זין פון שַמַין: נָדָב, און אַבישור. 29 און דער נאָמען פון אַבישורס ווייב איז געווען אַביהַיִל; און זי האָט אים געבאָרן אַחבָנען, און מולידן. 30 און די זין פון נָדָבן: סֶלֶד, און אַפַיִם. און סֶלֶד איז געשטאָרבן אָן קינדער. 31 און די זין פון אַפַיִמען: יִשעִי. און די זין פון יִשעִין: שֵשָן. און די זין פון שֵשָנען: אַחלָי. 32 און די זין פון יָדָע, שַמַיס ברודער: יֶתֶר, און יונָתָן. און יֶתֶר איז געשטאָרבן אָן קינדער. 33 און די זין פון יונָתָנען: פֶּלֶת, און זָזָא. דאָס זיינען געווען די קינדער פון יֵרַחמְאֵלן.

34 און שֵשָן האָט ניט געהאַט קיין זין נאָר טעכטער. און ביי שֵשָנען איז געווען אַ קנעכט אַ מִצרִי, וואָס זיין נאָמען איז געווען יַרחָע. 35 האָט שֵשָן געגעבן זיין טאָכטער צו זיין קנעכט יַרחָען פאַר אַ ווייב; און זי האָט אים געבאָרן עַתַין. 36 און עַתַי האָט געבאָרן נָתָנען, און נָתָן האָט געבאָרן זָבָדן. 37 און זָבָד האָט געבאָרן אֶפלָלן, און אֶפלָל האָט געבאָרן עובֵדן. 38 און עובֵד האָט געבאָרן יֵהוּאן, און יֵהוּא האָט געבאָרן עֲזַריָהן. 39 און עֲזַריָה האָט געבאָרן חֶלֶצן, און חֶלֶץ האָט געבאָרן אֶלעָשָהן. 40 און אֶלעָשָה האָט געבאָרן סִסמָין, און סִסמָי האָט געבאָרן שַלומען. 41 און שַלום האָט געבאָרן יְקַמיָהן, און יְקַמיָה האָט געבאָרן אֱלִישָמָען.

42 און די זין פון כָּלֵב, יֵרַחמְאֵלס ברודער: מֵישָע זיין בכור, וואָס איז געווען דער פאָטער פון זיפן, און די זין פון מָרֵשָה דעם פאָטער פון חֶברונען. 43 און די זין פון חֶברונען זיינען געווען: קֹרַח, און תַפּוּחַ, און רֶקֶם, און שֶמַע. 44 און שֶמַע האָט געבאָרן רַחַם דעם פאָטער פון יָרקעָמען, און רֶקֶם האָט געבאָרן שַמַין. 45 און דער זון פון שַמַין איז געווען מָעון, און מָעון איז געווען דער פאָטער פון בֵית־צור. 46 און עֵיפָה, כָּלֵבס קעפסווייב, האָט געבאָרן חָרָנען, און מוצאָן, און גָזֵזן; און חָרָן האָט געבאָרן גָזֵזן. 47 און די זין פון יָהדַין זיינען געווען: רֶגֶם, און יותָם, און

כב שְׂגוּב: וּשְׂגוּב הוֹלִיד אֶת־יָאִיר וַיְהִי־לוֹ עֶשְׂרִים וְשָׁלוֹשׁ
כג עָרִים בְּאֶרֶץ הַגִּלְעָד: וַיִּקַּח גְּשׁוּר־וַאֲרָם אֶת־חַוֺּת יָאִיר
מֵאִתָּם אֶת־קְנָת וְאֶת־בְּנֹתֶיהָ שִׁשִּׁים עִיר כָּל־אֵלֶּה בְּנֵי
כד מָכִיר אֲבִי־גִלְעָד: וְאַחַר מוֹת־חֶצְרוֹן בְּכָלֵב אֶפְרָתָה
וְאֵשֶׁת חֶצְרוֹן אֲבִיָּה וַתֵּלֶד לוֹ אֶת־אַשְׁחוּר אֲבִי תְקוֹעַ:
כה וַיִּהְיוּ בְנֵי־יְרַחְמְאֵל בְּכוֹר חֶצְרוֹן הַבְּכוֹר ׀ רָם וּבוּנָה וָאֹרֶן
כו וָאֹצֶם אֲחִיָּה: וַתְּהִי אִשָּׁה אַחֶרֶת לִירַחְמְאֵל וּשְׁמָהּ עֲטָרָה
כז הִיא אֵם אוֹנָם: וַיִּהְיוּ בְנֵי־רָם בְּכוֹר יְרַחְמְאֵל מַעַץ וְיָמִין
כח וָעֵקֶר: וַיִּהְיוּ בְנֵי־אוֹנָם שַׁמַּי וְיָדָע וּבְנֵי שַׁמַּי נָדָב וַאֲבִישׁוּר:
כט וְשֵׁם אֵשֶׁת אֲבִישׁוּר אֲבִיהָיִל וַתֵּלֶד לוֹ אֶת־אַחְבָּן וְאֶת־
ל מוֹלִיד: וּבְנֵי נָדָב סֶלֶד וְאַפָּיִם וַיָּמָת סֶלֶד לֹא בָנִים:
לא לב וּבְנֵי אַפַּיִם יִשְׁעִי וּבְנֵי יִשְׁעִי שֵׁשָׁן וּבְנֵי שֵׁשָׁן אַחְלָי: וּבְנֵי
לג יָדָע אֲחִי שַׁמַּי יֶתֶר וְיוֹנָתָן וַיָּמָת יֶתֶר לֹא בָנִים: וּבְנֵי יוֹנָתָן
לד פֶּלֶת וְזָזָא אֵלֶּה הָיוּ בְּנֵי יְרַחְמְאֵל: וְלֹא־הָיָה לְשֵׁשָׁן בָּנִים
לה כִּי אִם־בָּנוֹת וּלְשֵׁשָׁן עֶבֶד מִצְרִי וּשְׁמוֹ יַרְחָע: וַיִּתֵּן שֵׁשָׁן
לו אֶת־בִּתּוֹ לְיַרְחָע עַבְדּוֹ לְאִשָּׁה וַתֵּלֶד לוֹ אֶת־עַתָּי: וְעַתַּי
לז הֹלִיד אֶת־נָתָן וְנָתָן הוֹלִיד אֶת־זָבָד: וְזָבָד הוֹלִיד אֶת־
לח אֶפְלָל וְאֶפְלָל הוֹלִיד אֶת־עוֹבֵד: וְעוֹבֵד הֹלִיד אֶת־יֵהוּא
לט וְיֵהוּא הֹלִיד אֶת־עֲזַרְיָה: וַעֲזַרְיָה הֹלִיד אֶת־חָלֶץ וְחֶלֶץ
מ הֹלִיד אֶת־אֶלְעָשָׂה: וְאֶלְעָשָׂה הֹלִיד אֶת־סִסְמָי וְסִסְמַי
מא הֹלִיד אֶת־שַׁלּוּם: וְשַׁלּוּם הוֹלִיד אֶת־יְקַמְיָה וִיקַמְיָה
מב הֹלִיד אֶת־אֱלִישָׁמָע: וּבְנֵי כָלֵב אֲחִי יְרַחְמְאֵל מֵישָׁע
מג בְּכֹרוֹ הוּא אֲבִי־זִיף וּבְנֵי מָרֵשָׁה אֲבִי חֶבְרוֹן: וּבְנֵי חֶבְרוֹן
מד קֹרַח וְתַפֻּחַ וְרֶקֶם וָשָׁמַע: וְשֶׁמַע הוֹלִיד אֶת־רַחַם אֲבִי
מה יָרְקְעָם וְרֶקֶם הוֹלִיד אֶת־שַׁמָּי: וּבֶן־שַׁמַּי מָעוֹן וּמָעוֹן
מו אֲבִי בֵית־צוּר: וְעֵיפָה פִּילֶגֶשׁ כָּלֵב יָלְדָה אֶת־חָרָן וְאֶת־
מז מוֹצָא וְאֶת־גָּזֵז וְחָרָן הֹלִיד אֶת־גָּזֵז: וּבְנֵי יָהְדָּי רֶגֶם וְיוֹתָם

לט׳מ׳ קמץ בז״ק   מז׳ נס״א ו׳   יבס״א ו׳

[א] ד. ה. יָאירס דערפער.

וְגֵישָׁן וְפֶלֶט וְעֵיפָה וָשָׁעַף׃ פִּלֶגֶשׁ כָּלֵב מַעֲכָה יָלַד מח
שֶׁבֶר וְאֶת־תִּרְחֲנָה׃ וַתֵּלֶד שַׁעַף אֲבִי מַדְמַנָּה אֶת־שְׁוָא מט
אֲבִי מַכְבֵּנָה וַאֲבִי גִבְעָא וּבַת־כָּלֵב עַכְסָה׃ אֵלֶּה הָיוּ נ
בְּנֵי כָלֵב בֶּן־חוּר בְּכוֹר אֶפְרָתָה שׁוֹבָל אֲבִי קִרְיַת יְעָרִים׃
שַׂלְמָא אֲבִי בֵית־לָחֶם חָרֵף אֲבִי בֵית־גָּדֵר׃ וַיִּהְיוּ בָנִים נא נב
לְשׁוֹבָל אֲבִי קִרְיַת יְעָרִים הָרֹאֶה חֲצִי הַמְּנֻחוֹת׃ וּמִשְׁפְּחוֹת נג
קִרְיַת יְעָרִים הַיִּתְרִי וְהַפּוּתִי וְהַשֻּׁמָתִי וְהַמִּשְׁרָעִי מֵאֵלֶּה
יָצְאוּ הַצָּרְעָתִי וְהָאֶשְׁתָּאֻלִי׃ בְּנֵי שַׂלְמָא בֵּית לֶחֶם וּנְטוֹפָתִי נד
עַטְרוֹת בֵּית יוֹאָב וַחֲצִי הַמָּנַחְתִּי הַצָּרְעִי׃ וּמִשְׁפְּחוֹת נה
סוֹפְרִים יֹשְׁבֵו יַעְבֵּץ תִּרְעָתִים שִׁמְעָתִים שׂוּכָתִים הֵמָּה
הַקִּינִים הַבָּאִים מֵחַמַּת אֲבִי בֵית־רֵכָב׃

ג

וְאֵלֶּה הָיוּ בְּנֵי דָוִיד אֲשֶׁר נוֹלַד־לוֹ בְּחֶבְרוֹן הַבְּכוֹר ׀ אַמְנֹן א
לַאֲחִינֹעַם הַיִּזְרְעֵאלִית שֵׁנִי דָּנִיֵּאל לַאֲבִיגַיִל הַכַּרְמְלִית׃
הַשְּׁלִשִׁי לְאַבְשָׁלוֹם בֶּן־מַעֲכָה בַּת־תַּלְמַי מֶלֶךְ גְּשׁוּר ב
הָרְבִיעִי אֲדֹנִיָּה בֶן־חַגִּית׃ הַחֲמִישִׁי שְׁפַטְיָה לַאֲבִיטָל ג
הַשִּׁשִּׁי יִתְרְעָם לְעֶגְלָה אִשְׁתּוֹ׃ שִׁשָּׁה נוֹלַד־לוֹ בְחֶבְרוֹן ד
וַיִּמְלָךְ־שָׁם שֶׁבַע שָׁנִים וְשִׁשָּׁה חֳדָשִׁים וּשְׁלֹשִׁים וְשָׁלוֹשׁ
שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלָםִ׃ וְאֵלֶּה נוּלְּדוּ־לוֹ בִּירוּשָׁלָיִם ה
שִׁמְעָא וְשׁוֹבָב וְנָתָן וּשְׁלֹמֹה אַרְבָּעָה לְבַת־שׁוּעַ בַּת־
עַמִּיאֵל׃ וְיִבְחָר וֶאֱלִישָׁמָע וֶאֱלִיפָלֶט׃ וְנֹגַהּ וְנֶפֶג וְיָפִיעַ׃ ו ז
וֶאֱלִישָׁמָע וְאֶלְיָדָע וֶאֱלִיפֶלֶט תִּשְׁעָה׃ כֹּל בְּנֵי דָוִיד מִלְּבַד ח ט
בְּנֵי־פִילַגְשִׁים וְתָמָר אֲחוֹתָם׃ וּבֶן־שְׁלֹמֹה רְחַבְעָם י
אֲבִיָּה בְנוֹ אָסָא בְנוֹ יְהוֹשָׁפָט בְּנוֹ׃ יוֹרָם בְּנוֹ אֲחַזְיָהוּ בְנוֹ יא
יוֹאָשׁ בְּנוֹ׃ אֲמַצְיָהוּ בְנוֹ עֲזַרְיָה בְנוֹ יוֹתָם בְּנוֹ׃ אָחָז בְּנוֹ יב יג
חִזְקִיָּהוּ בְנוֹ מְנַשֶּׁה בְנוֹ׃ אָמוֹן בְּנוֹ יֹאשִׁיָּהוּ בְנוֹ׃ וּבְנֵי יד טו
יֹאשִׁיָּהוּ הַבְּכוֹר יוֹחָנָן הַשֵּׁנִי יְהוֹיָקִים הַשְּׁלִשִׁי צִדְקִיָּהוּ

ב, נא׳ קמץ במ״ק   נג׳ כצל   נה׳ ישבי קרי   ג, ה׳ תש אחר שורק

גֵישָׁן, און פֶּלֶט, און עֵיפָה, און שַׁעַף. [48] מַעֲכָה, כָּלֵבס קעפסווייב, האָט געבאָרן שֶׁבֶרן, און תִּרְחֲנָהן. [49] און [די ווייב פון] שַׁעַף דעם פאָטער פון מַדמַנָה, האָט געבאָרן שְׁוָא דעם פאָטער פון מַכבֵּנָא און דעם פאָטער פון גִבְעָא. און די טאָכטער פון כָּלֵבן איז געווען עַכסָה. [50] דאָס זיינען געווען די קינדער פון כָּלֵבן.

די זין פון חור, דעם בְּכור פון אֶפרָתן: שׁוֹבָל דער פאָטער פון קִריַת־יעָרים, [51] שַׂלמָא דער פאָטער פון בֵּית־לָחֶם, חָרֵף דער פאָטער פון בֵּית־גָדֵר. [52] און די קינדער פון שׁוֹבָל דעם פאָטער פון קִריַת־יעָרים זיינען געווען: הָרוֹאֶה, און האַלב מנוחות. [53] און די משפחות פון קִריַת־יעָרים זיינען געווען: די יִתְרים, און די פּותים, און די שומָתים, און די מִשׁרָעים. פון דידאָזיקע זיינען אַרויסגעקומען די צָרעָתים, און די אֶשתָאולים.

[54] די קינדער פון שַׂלמאָן: בֵּית־לֶחֶם, און די נטופָתים, עַטרות־בֵּית־יוֹאָב, און אַ העלפט פון די מָנַחתער, די צָרעִים. [55] און די משפחות פון די שרייבער, די באַוווינער פון יַעְבֵּץ, זיינען געווען: די תִּרעָתים, די שִׁמעָתים, די שׂוּכָתים. דאָס זיינען די קינים וואָס קומען אַרויס פון חַמַת דעם פאָטער פון דעם הויז פון רֵכָב.

ג

[1] און דאָס זיינען די זין פון דודן וואָס זיינען אים געבאָרן געוואָרן אין חֶברון: דער בְּכור, אַמנון, פון אַחינוֹעַמען פון יִזרְעֶאל; דער צווייטער, דניאל, פון אַביגַיִלן, פון כַּרמֶל; [2] דער דריטער, אַבשָׁלום דער זון פון מַעֲכָה דער טאָכטער פון תַּלמַי דעם מלך פון גשור; דער פירטער, אֲדוֹנִיָה דער זון פון חַגיתן; [3] דער פינפטער, שפַטיָה, פון אַביטַלן; דער זעקסטער, יִתרְעָם, פון זיין ווייב עֶגלָהן. [4] די זעקס זיינען אים געבאָרן געוואָרן אין חֶברון; און ער האָט דאָרטן געקיניגט זיבן יאָר און זעקס חדשים; און דריי און דרייסיק יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָׁלַיִם.

[5] און דידאָזיקע זיינען אים געבאָרן געוואָרן אין ירושָׁלַיִם: שִׁמעָא, און שׁוֹבָב, און נָתָן, און שלמה—פיר, פון בַּת־שוּעַ דער טאָכטער פון עַמיאֵלן; [6] און יִבחָר, און אֶלישָׁמָע, און אֶליפֶלֶט; [7] און נוֹגַה, און נֶפֶג, און יָפִיעַ; [8] און אֶלישָׁמָע, און אֶליָדָע, און אֶליפֶלֶט—ניין. [9] דאָס זיינען אַלע זין פון דודן, אַחוץ די זין פון די קעפסווייבער, און זייער שוועסטער תָּמָר.

[10] און דער זון פון שלמהן איז געווען רחַבעָם. זיין זון איז געווען אֲבִיָה, זיין זון אָסאָ, זיין זון יהוֹשָׁפָט; [11] זיין זון יוֹרָם, זיין זון אֲחַזיָהו, זיין זון יוֹאָש; [12] זיין זון אֲמַציָהו, זיין זון עֲזַריָה, זיין זון יוֹתָם; [13] זיין זון אָחָז, זיין זון חִזקִיָה, זיין זון מנשה; [14] זיין זון אָמוֹן, זיין זון יֹאשִׁיָהו. [15] און די זין פון יֹאשִׁיָהון זיינען געווען: דער בְּכור יוֹחָנָן, דער צווייטער יהוֹיָקים

דער דריטער צדקִיָה, דער פירטער, שַלוּם. 16 און די זין פון יהוֹיָקימען זיינען געווען: זיין זון יכָניָה, זיין זון צִדקִיָה.

17 און די זין פון יכָניָה דעם געפאַנגענעם: זיין זון שְאַלתיאֵל, 18 און מַלכּירָם, און פּדָיָה, און שֶנאַצַר, יקַמיָה, הוֹשָמָע, און נדַביָה. 19 און די זין פון פּדָיָהן: זרוּבָּבל, און שמעי. און די קינדער פון זרוּבָּבלן: משוּלָם, און חֲנַניָה, און זייער שוועסטער שלוֹמית; 20 און חֲשוּבָה, און אוֹהֶל, און בֶּרֶכיָה, און חֲסַדיָה, יוּשַב־חֶסֶד — פינף. 21 און די זין פון חֲנַניָהן: פּלַטיָה און ישַעיָה. די זין פון [ישַעיָהן]: רפָיָה. די זין פון [רפָיָהן]: אַרנָן. די זין פון [אַרנָנען]: עוֹבַדיָה. די זין פון [עוֹבַדיָהן]: שכַניָה. 22 און די זין פון שכַניָהן: שמַעיָה. און די זין פון שמַעיָהן: חַטוּש, און יִגאָל, און בָּריחַ, און נעַריָה, און שָפָט — זעקס. 23 און די זין פון נעַריָהן: אֶליוֹעֵינַי, און חִזקִיָה, און עַזריקָם — דריי. 24 און די זין פון אֶליוֹעֵינַין: הוֹדַוְיָהוּ און אֶליָשיב, און פּלָיָה, און עַקוּב, און יוֹחָנָן, און דלָיָה, און עֲנָני — זיבן.

ד 1 די זין פון יהודהן: פֶּרֶץ, חֶצרוֹן, און כַּרמי, און חוּר, און שוֹבָל. 2 און רְאָיָה דער זון פון שוֹבָלן האָט געבאָרן יַחַתן, און יַחַת האָט געבאָרן אַחוּמַין, און לַהַדן. דאָס זיינען די משפחות פון די צָרעָתים.

3 און די דאָזיקע זיינען פון דעם פאָטער פון עֵיטָם: יִזרְעֶאל, און יִשמָא, און יִדבָּש; און דער נאָמען פון זייער שוועסטער איז געווען הַצלֶלפּוֹני; 4 און פּנוּאֵל דער פאָטער פון גדוֹר, און עֵזֶר דער פאָטער פון חוּשָה. דאָס זיינען די קינדער פון חוּר דעם בכוֹר פון אֶפרָת דעם פאָטער פון בֵּית־לֶחֶם.

5 און אַשחוּר דער פאָטער פון תּקוֹעַ האָט געהאַט צוויי ווייבער: חֶלאָה, און נַעֲרָה. 6 און נַעֲרָה האָט אים געבאָרן אַחוּזָמען, און חֵפֶרן, און תֵּימָנין, און דעם אַחַשתָּרי. דאָס זיינען די זין פון נַעֲרָהן. 7 און די זין פון חֶלאָהן: צֶרֶת, און צוֹחַר, און אֶתנָן. 8 און קוֹץ האָט געבאָרן עָנוּבן, און הַצוֹבֵבָהן, און די משפחות פון אַחַרחֵל דעם זון פון הָרוּמען. 9 און יַעְבֵּץ איז געווען דער אָנגעזעענסטער פון זיינע ברידער; און זיין מוטער האָט גערופן זיין נאָמען יַעְבֵּץ, אַזוי צו זאָגן: ווייל איך האָב אים געבאָרן מיט פּיין[א]. 10 און יַעְבֵּץ האָט גערופן צום גאָט פון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: אויב בענטשן וועסטו מיך בענטשן, און וועסט פאַרגרעסערן מיין געמאַרק, און דיין האַנט וועט זיין מיט מיר, און וועסט באַהיטן פון בייז, מיך ניט וויי צו טאָן —. און גאָט האָט אים באַשערט וואָס ער האָט געבעטן.

11 און כּלוּב דער ברודער פון שוּחָהן האָט געבאָרן מחירן, וואָס איז געווען דער פאָטער פון אֶשתּוֹנען. 12 און אֶשתּוֹן האָט געבאָרן בֵּית־רָפאָן, און פָּסֵחַן, און תּחִנָה דעם פאָטער פון עִיר־נָחָש. דאָס זיינען די מענטשן פון רֵכָה.

טז הָרְבִיעִי שַׁלּוּם׃ וּבְנֵי יְהוֹיָקִים יְכָנְיָה בְנוֹ צִדְקִיָּה בְנוֹ׃
יז יח וּבְנֵי יְכָנְיָה אַסִּר שְׁאַלְתִּיאֵל בְּנוֹ׃ וּמַלְכִּירָם וּפְדָיָה
יט וְשֶׁנְאַצַּר יְקַמְיָה הוֹשָׁמָע וּנְדַבְיָה׃ וּבְנֵי פְדָיָה זְרֻבָּבֶל
וְשִׁמְעִי וּבֶן־זְרֻבָּבֶל מְשֻׁלָּם וַחֲנַנְיָה וּשְׁלֹמִית אֲחוֹתָם׃
כ וַחֲשֻׁבָה וָאֹהֶל וּבֶרֶכְיָה וַחֲסַדְיָה יוּשַׁב־חֶסֶד חָמֵשׁ׃
כא וּבֶן־חֲנַנְיָה פְּלַטְיָה וִישַׁעְיָה בְּנֵי רְפָיָה בְּנֵי אַרְנָן בְּנֵי
כב עֹבַדְיָה בְּנֵי שְׁכַנְיָה׃ וּבְנֵי שְׁכַנְיָה שְׁמַעְיָה וּבְנֵי שְׁמַעְיָה
כג חַטּוּשׁ וְיִגְאָל וּבָרִיחַ וּנְעַרְיָה וְשָׁפָט שִׁשָּׁה׃ וּבֶן־נְעַרְיָה
כד אֶלְיוֹעֵינַי וְחִזְקִיָּה וְעַזְרִיקָם שְׁלֹשָׁה׃ וּבְנֵי אֶלְיוֹעֵינַי הוֹדַיְוָהוּ
וְאֶלְיָשִׁיב וּפְלָיָה וְעַקּוּב וְיוֹחָנָן וּדְלָיָה וַעֲנָנִי שִׁבְעָה׃

ד

א ב בְּנֵי יְהוּדָה פֶּרֶץ חֶצְרוֹן וְכַרְמִי וְחוּר וְשׁוֹבָל׃ וּרְאָיָה בֶן־
שׁוֹבָל הוֹלִיד אֶת־יַחַת וְיַחַת הוֹלִיד אֶת־אֲחוּמַי וְאֶת־לָהַד
ג אֵלֶּה מִשְׁפְּחוֹת הַצָּרְעָתִי׃ וְאֵלֶּה אֲבִי עֵיטָם יִזְרְעֶאל
ד וְיִשְׁמָא וְיִדְבָּשׁ וְשֵׁם אֲחוֹתָם הַצְּלֶלְפּוֹנִי׃ וּפְנוּאֵל אֲבִי גְדֹר
וְעֵזֶר אֲבִי חוּשָׁה אֵלֶּה בְנֵי־חוּר בְּכוֹר אֶפְרָתָה אֲבִי בֵּית
ה לָחֶם׃ וּלְאַשְׁחוּר אֲבִי תְקוֹעַ הָיוּ שְׁתֵּי נָשִׁים חֶלְאָה
ו וְנַעֲרָה׃ וַתֵּלֶד לוֹ נַעֲרָה אֶת־אֲחֻזָּם וְאֶת־חֵפֶר וְאֶת־
ז תֵּימְנִי וְאֶת־הָאֲחַשְׁתָּרִי אֵלֶּה בְּנֵי נַעֲרָה׃ וּבְנֵי חֶלְאָה צֶרֶת
ח יִצְחַר וְאֶתְנָן׃ וְקוֹץ הוֹלִיד אֶת־עָנוּב וְאֶת־הַצֹּבֵבָה וּמִשְׁפְּחֹת
ט אֲחַרְחֵל בֶּן־הָרוּם׃ וַיְהִי יַעְבֵּץ נִכְבָּד מֵאֶחָיו וְאִמּוֹ קָרְאָה
י שְׁמוֹ יַעְבֵּץ לֵאמֹר כִּי יָלַדְתִּי בְּעֹצֶב׃ וַיִּקְרָא יַעְבֵּץ לֵאלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר אִם־בָּרֵךְ תְּבָרְכֵנִי וְהִרְבִּיתָ אֶת־גְּבוּלִי
וְהָיְתָה יָדְךָ עִמִּי וְעָשִׂיתָ מֵּרָעָה לְבִלְתִּי עָצְבִּי וַיָּבֵא אֱלֹהִים
יא אֵת אֲשֶׁר־שָׁאָל׃ וּכְלוּב אֲחִי־שׁוּחָה הוֹלִיד אֶת־מְחִיר
יב הוּא אֲבִי אֶשְׁתּוֹן׃ וְאֶשְׁתּוֹן הוֹלִיד אֶת־בֵּית רָפָא וְאֶת־
יג פָּסֵחַ וְאֶת־תְּחִנָּה אֲבִי עִיר נָחָשׁ אֵלֶּה אַנְשֵׁי רֵכָה׃ וּבְנֵי

ג, יח׳ בס״א ומלכי־רם פתח באתנח כד׳ הודויהו ק׳
ד, ו׳ ס״א תֵּי׳ ז׳ וצחר קרי

א עֹצֶב.

קְנַז עָתְנִיאֵל וּשְׂרָיָה וּבְנֵי עָתְנִיאֵל חֲתַת׃ וּמְעוֹנֹתַי הוֹלִיד יד
אֶת־עָפְרָה וּשְׂרָיָה הוֹלִיד אֶת־יוֹאָב אֲבִי גֵּיא חֲרָשִׁים כִּי
חֲרָשִׁים הָיוּ׃ וּבְנֵי כָּלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה עִירוּ אֵלָה וָנָעַם וּבְנֵי טו
אֵלָה וּקְנַז׃ וּבְנֵי יְהַלֶּלְאֵל זִיף וְזִיפָה תִּירְיָא וַאֲשַׂרְאֵל׃ טז
וּבֶן־עֶזְרָה יֶתֶר וּמֶרֶד וְעֵפֶר וְיָלוֹן וַתַּהַר אֶת־מִרְיָם וְאֶת־ יז
שַׁמַּי וְאֶת־יִשְׁבָּח אֲבִי אֶשְׁתְּמֹעַ׃ וְאִשְׁתּוֹ הַיְהֻדִיָּה יָלְדָה יח
אֶת־יֶרֶד אֲבִי גְדוֹר וְאֶת־חֶבֶר אֲבִי שׂוֹכוֹ וְאֶת־יְקוּתִיאֵל
אֲבִי זָנוֹחַ וְאֵלֶּה בְּנֵי בִּתְיָה בַת־פַּרְעֹה אֲשֶׁר לָקַח מָרֶד׃
וּבְנֵי אֵשֶׁת הוֹדִיָּה אֲחוֹת נַחַם אֲבִי קְעִילָה הַגַּרְמִי וְאֶשְׁתְּמֹעַ יט
הַמַּעֲכָתִי׃ וּבְנֵי שִׁימוֹן אַמְנוֹן וְרִנָּה בֶּן־חָנָן וְתִילוֹן וּבְנֵי כ
יִשְׁעִי זוֹחֵת וּבֶן־זוֹחֵת׃ בְּנֵי שֵׁלָה בֶן־יְהוּדָה עֵר אֲבִי לֵכָה כא
וְלַעְדָּה אֲבִי מָרֵשָׁה וּמִשְׁפְּחוֹת בֵּית־עֲבֹדַת הַבֻּץ לְבֵית
אַשְׁבֵּעַ׃ וְיוֹקִים וְאַנְשֵׁי כֹזֵבָא וְיוֹאָשׁ וְשָׂרָף אֲשֶׁר־בָּעֲלוּ כב
לְמוֹאָב וְיָשֻׁבִי לָחֶם וְהַדְּבָרִים עַתִּיקִים׃ הֵמָּה הַיּוֹצְרִים כג
וְיֹשְׁבֵי נְטָעִים וּגְדֵרָה עִם־הַמֶּלֶךְ בִּמְלַאכְתּוֹ יָשְׁבוּ שָׁם׃
בְּנֵי שִׁמְעוֹן נְמוּאֵל וְיָמִין יָרִיב זֶרַח שָׁאוּל׃ שַׁלֻּם כד כה
בְּנוֹ מִבְשָׂם בְּנוֹ מִשְׁמָע בְּנוֹ׃ וּבְנֵי מִשְׁמָע חַמּוּאֵל בְּנוֹ כו
זַכּוּר בְּנוֹ שִׁמְעִי בְנוֹ׃ וּלְשִׁמְעִי בָּנִים שִׁשָּׁה עָשָׂר וּבָנוֹת כז
שֵׁשׁ וּלְאֶחָיו אֵין בָּנִים רַבִּים וְכֹל מִשְׁפַּחְתָּם לֹא הִרְבּוּ
עַד־בְּנֵי יְהוּדָה׃ וַיֵּשְׁבוּ בִּבְאֵר־שֶׁבַע וּמוֹלָדָה וַחֲצַר שׁוּעָל׃ כח
וּבְבִלְהָה וּבְעֶצֶם וּבְתוֹלָד׃ וּבִבְתוּאֵל וּבְחָרְמָה וּבְצִקְלָג׃ כט ל
וּבְבֵית מַרְכָּבוֹת וּבַחֲצַר סוּסִים וּבְבֵית בִּרְאִי וּבְשַׁעֲרָיִם לא
אֵלֶּה עָרֵיהֶם עַד־מְלֹךְ דָּוִיד׃ וְחַצְרֵיהֶם עֵיטָם וָעַיִן רִמּוֹן לב
וְתֹכֶן וְעָשָׁן עָרִים חָמֵשׁ׃ וְכָל־חַצְרֵיהֶם אֲשֶׁר סְבִיבוֹת לג
הֶעָרִים הָאֵלֶּה עַד־בָּעַל זֹאת מוֹשְׁבֹתָם וְהִתְיַחְשָׂם לָהֶם׃
וּמְשׁוֹבָב וְיַמְלֵךְ וְיוֹשָׁה בֶּן־אֲמַצְיָה׃ וְיוֹאֵל וְיֵהוּא בֶּן לד לה
יוֹשִׁבְיָה בֶּן־שְׂרָיָה בֶּן־עֲשִׂיאֵל׃ וְאֶלְיוֹעֵינַי וְיַעֲקֹבָה וִישׁוֹחָיָה לו

יג׳ טו׳ פתח בס״ס טז׳ בס״א תָּרְ׳ יז׳ בס״א בָּח כ׳ ותילון קרי

[13] און די זין פון קְנַז זיינען געווען: עָתניאֵל, און שְׂרָיָה. און די זין פון עָתניאֵלן: חֲתַת. [14] און מְעוֹנוֹתַי האָט געבאָרן עָפרָהן; און שְׂרָיָה האָט געבאָרן יוֹאָב דעם פאָטער פון גֵיא־חֲרָשים[א]; וואָרום זיי זיינען געווען מיינס־טערס. [15] און די זין פון כָּלֵב דעם זון פון יפוּנֶהן זיינען געווען: עִירוּ, אֵלָה, און נַעַם. און די זין פון אֵלָהן: קְנַז.

[16] און די זין פון יהַלֶלאֵלן: זיף, און זיפָה, תִּיריאָ, און אֲשַׂראֵל. [17] און די זין פון עֶזרָהן: יֶתֶר, און מֶרֶד, און עֵפֶר, און יָלוֹן. און זי האָט געבאָרן מִריָמען, און שַׁמַין, און יִשבַּח דעם פאָטער פון אֶשתמוֹעַ — [18] און זיין ווייב פון יהודה האָט געבאָרן יֶרֶד דעם פאָטער פון גדור, און חֶבֶר דעם פאָטער פון שׂוֹכוֹ, און יקוּתיאֵל דעם פאָטער פון זָנוֹחַ — און דאָס זיינען די זין פון בִּתיָה דער טאָכטער פון פַּרעהן, וואָס מֶרֶד האָט גענומען.

[19] און די זין פון הוֹדִיָהס ווייב, דער שוועסטער פון נַחַם דעם פאָטער פון קעִילָה, זיינען געווען: דער גַרמי, און אֶשתמוֹעַ דער מַעֲכָתי. [20] און די זין פון שימוֹנען: אַמנוֹן, און רִנָה, בֶּן־חָנָן, און תִילוֹן. און די זין פון יִשעִין: זוֹחֵת, און בֶּן־זוֹחֵת.

[21] די קינדער פון שֵׁלָה דעם זון פון יהודהן: עֵר דער פאָטער פון לֵכָה, און לַעדָה דער פאָטער פון מָרֵשָׁה, און די משפּחות פון דעם הויז פון די ליינענאַרבעטער פון דעם הויז פון אַשבֵּעַ; [22] און יוֹקים, און די מענטשן פון כּוֹזֵבאָ, און יוֹאָש, און שָׂרָף, וואָס האָבן געהערשט איבער מוֹאָב, און יָשוּבי־לֶחֶם. און די געשיכטע איז אַן אַלטע. [23] דאָס זיינען געווען די טעפּער, און די וואָס זיינען געזעסן אין פלאַנצגערטנער און געהעפטן; ביי דעם מלך אין זיין ווירטשאַפט זיינען זיי דאָרטן געזעסן.

[24] די זין פון שמעונען: נמוּאֵל, און יָמין, יָריב, זֶרַח, שָׁאוּל. [25] זיין זון איז געווען שַׁלוּם, זיין זון מִבשָׂם, זיין זון מִשמָע. [26] און די קינדער פון מִשמָען זיינען געווען: זיין זון חַמוּאֵל, זיין זון זַכּוּר, זיין זון שִמעִי. [27] און שִמעִי האָט געהאַט זעכצן זין און זעקס טעכטער; אָבער זיינע ברידער האָבן ניט געהאַט פיל קינדער, און זייער גאַנצע משפּחה האָט זיך ניט געמערט אַזוי ווי די קינדער פון יהודה.

[28] און זיי זיינען געזעסן אין באֵר־שֶׁבַע, און מוֹלָדָה, און חֲצַר־שוּעָל; [29] און אין בִּלהָה, און אין עֶצֶם, און אין תּוֹלָד; [30] און אין בתוּאֵל, און אין חָרמָה, און אין ציקלַג; [31] און אין בֵּית־מַרכָּבוֹת, און אין חֲצַר־סוּסים, און אין בֵּית־בִּראִי, און אין שַׁעֲרַיִם. דאָס זיינען געווען זייערע שטעט ביז דוד איז געוואָרן מלך. [32] און זייערע דערפער זיינען געווען: עֵיטָם, און עַיִן, רִמוֹן, און תּוֹכֶן, און עָשָׁן — פינף שטעט; [33] און אַלע זייערע דערפער וואָס אַרום די דאָזיקע שטעט, ביז בַּעַל. דאָס זיינען געווען זייערע וווינערטער, און זייער יחוס־בריוו איז געווען לויט זיי.

[34] און מְשוֹבָב, און יַמלֵך, און יוֹשָה, דער זון פון אֲמַציָהן; [35] און יוֹאֵל, און יֵהוּא דער זון פון יוֹשִבְיָה דעם זון פון שְׂרָיָה דעם זון פון עֲשׂיאֵלן; [36] און אֶליוֹעֵינַי, און יַעקוֹבָה, און ישוֹחָיָה, און עֲשָׂיָה, און עֲדיאֵל, און ישימאֵל,

[א] ד. ה. טאָל פון מיינסטערס.

און בְּנָיָה; 37 און ויזאָ דער זון פון שִׁפְעִי דעם זון פון אַלון,
דעם זון פון יְדָיָה, דעם זון פון שִׁמרי, דעם זון פון שְׁמַעְיָהן–
38 דידאָזיקע וואָס קומען דאָ מיט די נעמען, זיינען געווען
פירשטן אין זייערע משפחות; און זייערע פאָטערהייזער
האָבן זיך שטאַרק פאַרשפּרייט. 39 און זיי זיינען אַוועק
צום אַיינגאַנג פון גדור, ביז צום מזרח פון טאָל, צו זוכן
פּיטערונג פאַר זייערע שאָף. 40 און זיי האָבן געפונען אַ
פעטע און גוטע פּיטערונג, און דאָס לאַנד איז געווען
גערוים, און רואיק, און בּשַלווה; וואָרום פון חָם זיינען
געווען די וואָס זיינען דאָרטן געזעסן פריער. 41 און די־
דאָזיקע וואָס זיינען דאָ פאַרשריבּן מיט די נעמען, זיינען
געקומען אין די טעג פון יחִזקִיָה דעם מלך פון יהודה, און
האָבן געשלאָגן זייערע געצעלטן, און די מְעוּנים וואָס האָבן
זיך דאָרטן געפונען, און זיי האָבן זיי פאַרוויסט ביז אויף
היינטיקן טאָג, און האָבן זיך באַזעצט אויף זייער אָרט;
וואָרום דאָרטן איז געווען פּיטערונג פאַר זייערע שאָף.
42 און פון זיי, פון די קינדער פון שמעון, זיינען אַוועק צום
באַרג שֵׂעִיר פינף הונדערט מאַן, און פלַטיָה, און נעַריָה,
און רפָיָה, און עוזיאֵל, די זין פון יִשעִין, זיי פאַרויס. 43 און
זיי האָבן געשלאָגן דעם אַנטרונעגעם איבערבלייב פון
עַמָלֵק, און זיינען דאָרטן געבליבּן זיצן ביז אויף היינטיקן
טאָג.

לז וַעֲשָׂיָה וַעֲדִיאֵל וִישִׂימִאֵל וּבְנָיָה׃ וְזִיזָא בֶּן־שִׁפְעִי בֶן־אַלּוֹן
לח בֶּן־יְדָיָה בֶּן־שִׁמְרִי בֶּן־שְׁמַעְיָה׃ אֵלֶּה הַבָּאִים בְּשֵׁמוֹת
לט נְשִׂיאִים בְּמִשְׁפְּחוֹתָם וּבֵית אֲבוֹתֵיהֶם פָּרְצוּ לָרוֹב׃ וַיֵּלְכוּ
לִמְבוֹא גְדֹר עַד לְמִזְרַח הַגָּיְא לְבַקֵּשׁ מִרְעֶה לְצֹאנָם׃
מ וַיִּמְצְאוּ מִרְעֶה שָׁמֵן וָטוֹב וְהָאָרֶץ רַחֲבַת יָדַיִם וְשֹׁקֶטֶת
מא וּשְׁלֵוָה כִּי מִן־חָם הַיֹּשְׁבִים שָׁם לְפָנִים׃ וַיָּבֹאוּ אֵלֶּה
הַכְּתוּבִים בְּשֵׁמוֹת בִּימֵי ׀ יְחִזְקִיָּהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה וַיַּכּוּ אֶת־
אָהֳלֵיהֶם וְאֶת־הַמְּעִינִים אֲשֶׁר נִמְצְאוּ־שָׁמָּה וַיַּחֲרִימֻם
עַד־הַיּוֹם הַזֶּה וַיֵּשְׁבוּ תַּחְתֵּיהֶם כִּי־מִרְעֶה לְצֹאנָם שָׁם׃
מב וּמֵהֶם ׀ מִן־בְּנֵי שִׁמְעוֹן הָלְכוּ לְהַר שֵׂעִיר אֲנָשִׁים חֲמֵשׁ
מֵאוֹת וּפְלַטְיָה וּנְעַרְיָה וּרְפָיָה וְעֻזִּיאֵל בְּנֵי יִשְׁעִי בְּרֹאשָׁם׃
מג וַיַּכּוּ אֶת־שְׁאֵרִית הַפְּלֵטָה לַעֲמָלֵק וַיֵּשְׁבוּ שָׁם עַד
הַיּוֹם הַזֶּה׃

## ה

א וּבְנֵי רְאוּבֵן בְּכוֹר־יִשְׂרָאֵל כִּי הוּא הַבְּכוֹר וּבְחַלְּלוֹ יְצוּעֵי
אָבִיו נִתְּנָה בְּכֹרָתוֹ לִבְנֵי יוֹסֵף בֶּן־יִשְׂרָאֵל וְלֹא לְהִתְיַחֵשׂ
ב לַבְּכֹרָה׃ כִּי יְהוּדָה גָּבַר בְּאֶחָיו וּלְנָגִיד מִמֶּנּוּ וְהַבְּכֹרָה
ג לְיוֹסֵף׃ בְּנֵי רְאוּבֵן בְּכוֹר יִשְׂרָאֵל חֲנוֹךְ וּפַלּוּא חֶצְרוֹן
ד ה וְכַרְמִי׃ בְּנֵי יוֹאֵל שְׁמַעְיָה בְנוֹ גּוֹג בְּנוֹ שִׁמְעִי בְנוֹ׃ מִיכָה
ו בְנוֹ רְאָיָה בְנוֹ בַּעַל בְּנוֹ׃ בְּאֵרָה בְנוֹ אֲשֶׁר הֶגְלָה תִּלְּגַת
ז פִּלְנְאֶסֶר מֶלֶךְ אַשֻּׁר הוּא נָשִׂיא לָראוּבֵנִי׃ וְאֶחָיו
לְמִשְׁפְּחֹתָיו בְּהִתְיַחֵשׂ לְתֹלְדוֹתָם הָרֹאשׁ יְעִיאֵל וּזְכַרְיָהוּ׃
ח וּבֶלַע בֶּן־עָזָז בֶּן־שֶׁמַע בֶּן־יוֹאֵל הוּא יוֹשֵׁב בַּעֲרֹעֵר וְעַד־
ט נְבוֹ וּבַעַל מְעוֹן׃ וְלַמִּזְרָח יָשַׁב עַד־לְבוֹא מִדְבָּרָה לְמִן־
י הַנָּהָר פְּרָת כִּי מִקְנֵיהֶם רָבוּ בְּאֶרֶץ גִּלְעָד׃ וּבִימֵי שָׁאוּל
עָשׂוּ מִלְחָמָה עִם־הַהַגְרִאִים וַיִּפְּלוּ בְּיָדָם וַיֵּשְׁבוּ בְּאָהֳלֵיהֶם
יא עַל־כָּל־פְּנֵי מִזְרָח לַגִּלְעָד׃ וּבְנֵי־גָד לְנֶגְדָּם יָשְׁבוּ

ד, מא׳ המעונים קרי

ה 1 און די זין פון ראובן דעם בּכור פון ישׂראלן–
וואָרום ער איז געווען דער בּכור, אָבער אַז ער
האָט פאַרשוועכט דאָס געלעגער פון זיין פאָטער[א], איז זיין בּכורה אַוועקגעגעבּן געוואָרן צו די קינדער פון יוסף
דעם זון פון ישׂראלן, הגם ניט זיך צו רעכענען אין דעם יחוס־בּריוו אויף דער בּכורה; 2 וואָרום יהודה האָט
אַריבּערגעשטיגן זיינע בּרידער, און פון אים איז אַרויס דער פירשט; אָבער די בּכורה איז געווען יוספס– 3 די זין
פון ראובן דעם בּכור פון ישׂראלן זיינען געווען: חנוך, און פַלוא, חֶצרון, און כַּרמי. 4 די קינדער פון יואֵלן זיינען
געווען: זיין זון שמַעיָה, זיין זון גוג, זיין זון שִמעי; 5 זיין זון מיכָה, זיין זון רְאָיָה, זיין זון בַּעַל; 6 זיין זון בּאֵרָה, וואָס
תִּלגַת־פִּלנֶסֶר דער מלך פון אַשור האָט פאַרטריבּן; ער איז געווען דער פירשט פון די ראובֵנים. 7 און זיינע בּרידער
לויט זיינע משפחות, ווי ער יחוסנדיק לויט זייערע געבּורטן, זיינען געווען: דער הויפּט יעִיאֵל, און זכַריָהו; 8 און בֶּלַע
דער זון פון עָזָז דעם זון פון שֶמַע, דעם זון פון יואֵלן, וואָס איז געזעסן אין עֲרוֹעֵר, ביז נבו און בַּעַל־מְעון; 9 און
צו מזרח איז ער געזעסן ביז מע קומט צום מדבר, פון טייך פּרָת אָן; וואָרום זייערע פי האָבן זיך פאַרמערט אין
לאַנד גִלעָד. 10 און אין די טעג פון שָאולן האָבן זיי געמאַכט אַ מלחמה מיט די הַגריאים, און יענע זיינען געפאַלן
דורך זייער האַנט; און זיי האָבן זיך באַזעצט אין זייערע געצעלטן איבּער דער גאַנצער געגנט צו מזרח פון גִלעָד.

[א] זע בּראשית לה, 22.

בְּאֶרֶץ הַבָּשָׁן עַד־סַלְכָה׃ יוֹאֵל הָרֹאשׁ וְשָׁפָם הַמִּשְׁנֶה יב
וְיַעְנַי וְשָׁפָט בַּבָּשָׁן׃ וַאֲחֵיהֶם לְבֵית אֲבוֹתֵיהֶם מִיכָאֵל יג
וּמְשֻׁלָּם וְשֶׁבַע וְיוֹרַי וְיַעְכָּן וְזִיעַ וָעֵבֶר שִׁבְעָה׃
אֵלֶּה ׀ בְּנֵי אֲבִיחַיִל בֶּן־חוּרִי בֶּן־יָרוֹחַ בֶּן־גִּלְעָד בֶּן־מִיכָאֵל יד
בֶּן־יְשִׁישַׁי בֶּן־יַחְדּוֹ בֶּן־בּוּז׃ אֲחִי בֶּן־עַבְדִּיאֵל בֶּן־גּוּנִי טו
רֹאשׁ לְבֵית אֲבוֹתָם׃ וַיֵּשְׁבוּ בַּגִּלְעָד בַּבָּשָׁן וּבִבְנֹתֶיהָ טז
וּבְכָל־מִגְרְשֵׁי שָׁרוֹן עַל־תּוֹצְאוֹתָם׃ כֻּלָּם הִתְיַחְשׂוּ בִּימֵי יז
יוֹתָם מֶלֶךְ־יְהוּדָה וּבִימֵי יָרָבְעָם מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל׃
בְּנֵי־רְאוּבֵן וְגָדִי וַחֲצִי שֵׁבֶט־מְנַשֶּׁה מִן־בְּנֵי־חַיִל אֲנָשִׁים יח
נֹשְׂאֵי מָגֵן וְחֶרֶב וְדֹרְכֵי קֶשֶׁת וּלְמוּדֵי מִלְחָמָה אַרְבָּעִים
וְאַרְבָּעָה אֶלֶף וּשְׁבַע־מֵאוֹת וְשִׁשִּׁים יֹצְאֵי צָבָא׃ וַיַּעֲשׂוּ יט
מִלְחָמָה עִם־הַהַגְרִיאִים וִיטוּר וְנָפִישׁ וְנוֹדָב׃ וַיֵּעָזְרוּ כ
עֲלֵיהֶם וַיִּנָּתְנוּ בְיָדָם הַהַגְרִיאִים וְכֹל שֶׁעִמָּהֶם כִּי לֵאלֹהִים
זָעֲקוּ בַּמִּלְחָמָה וְנַעְתּוֹר לָהֶם כִּי־בָטְחוּ בוֹ׃ וַיִּשְׁבּוּ כא
מִקְנֵיהֶם גְּמַלֵּיהֶם חֲמִשִּׁים אֶלֶף וְצֹאן מָאתַיִם וַחֲמִשִּׁים
אֶלֶף וַחֲמוֹרִים אַלְפָּיִם וְנֶפֶשׁ אָדָם מֵאָה אָלֶף׃ כִּי־חֲלָלִים כב
רַבִּים נָפָלוּ כִּי מֵהָאֱלֹהִים הַמִּלְחָמָה וַיֵּשְׁבוּ תַחְתֵּיהֶם עַד־
הַגֹּלָה׃ וּבְנֵי חֲצִי שֵׁבֶט מְנַשֶּׁה יָשְׁבוּ בָּאָרֶץ מִבָּשָׁן כג
עַד־בַּעַל חֶרְמוֹן וּשְׂנִיר וְהַר־חֶרְמוֹן הֵמָּה רָבוּ׃ וְאֵלֶּה כד
רָאשֵׁי בֵית־אֲבוֹתָם וְעֵפֶר וְיִשְׁעִי וֶאֱלִיאֵל וְעַזְרִיאֵל וְיִרְמְיָה
וְהוֹדַוְיָה וְיַחְדִּיאֵל אֲנָשִׁים גִּבּוֹרֵי חַיִל אַנְשֵׁי שֵׁמוֹת רָאשִׁים
לְבֵית אֲבוֹתָם׃ וַיִּמְעֲלוּ בֵּאלֹהֵי אֲבוֹתֵיהֶם וַיִּזְנוּ כה
אַחֲרֵי אֱלֹהֵי עַמֵּי־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־הִשְׁמִיד אֱלֹהִים מִפְּנֵיהֶם׃
וַיָּעַר אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־רוּחַ ׀ פּוּל מֶלֶךְ־אַשּׁוּר וְאֶת־רוּחַ כו
תִּלְּגַת פִּלְנֶסֶר מֶלֶךְ אַשּׁוּר וַיַּגְלֵם לָראוּבֵנִי וְלַגָּדִי וְלַחֲצִי
שֵׁבֶט מְנַשֶּׁה וַיְבִיאֵם לַחְלַח וְחָבוֹר וְהָרָא וּנְהַר גּוֹזָן עַד
הַיּוֹם הַזֶּה׃ בְּנֵי לֵוִי גֵּרְשׁוֹן קְהָת וּמְרָרִי׃ כז

יד׳ נ״א יחדי כתיב    כו׳ א סתה

[11] און די קינדער פון גָד זיינען געזעסן אַקעגן זיי אין לאַנד בָּשָׁן ביז סַלְכָה; [12] יוֹאֵל דער הויפּט, און שָׁפָם דער צווייטער, און יַעְנַי, און שָׁפָט, אין בָּשָׁן; [13] און זייערע ברידער לויט זייערע פּאָטערהייזער: מִיכָאֵל, און מְשֻׁלָּם, און שֶׁבַע, און יוֹרַי, און יַעְכָּן, און זִיעַ, און עֵבֶר – זיבן. [14] דאָס זיינען די זין פון אֲבִיחַיִל דעם זון פון חוּרִי, דעם זון פון יָרוֹחַ, דעם זון פון גִלְעָד, דעם זון פון מִיכָאֵל, דעם זון פון יְשִׁישַׁי, דעם זון פון יַחְדוֹ, דעם זון פון בּוּז. [15] אֲחִי דער זון פון עַבְדִיאֵל דעם זון פון גוּנִי איז געווען דער הויפּט פון זייערע פּאָטערהייזער. [16] און זיי זיינען געזעסן אין גִלְעָד אין בָּשָׁן, און אין אירע טעכטערשטעט, און אין אַלע אָפענע ערטער פון שָׁרוֹן, ביי זייערע אויסלאָזן. [17] זיי אַלע האָבן זיך פאַרצייכנט אין די טעג פון יוֹתָם דעם מלך פון יהודה, און אין די טעג פון יָרָבְעָם דעם מלך פון ישׂראל.

[18] די קינדער פון ראובן, און די גָדים, און דער האַלבער שבט מנשה – פון העלדישע יונגען, מענטשן וואָס טראָגן אַ שילד און אַ שווערד, און שפּאַנען אַ בויגן, און זיינען געלערנט אין מלחמה, זיינען געווען פיר און פערציק טויזנט און זיבן הונדערט און זעכציק וואָס גייען אַרויס אין חיל. [19] און זיי האָבן געמאַכט אַ מלחמה מיט די הַגְרִיאים, און יְטוּר, און נָפִישׁ, און נוֹדָב. [20] און זיי זיינען געהאָלפן געוואָרן אַקעגן זיי, און די הַגְרִיאים און אַלע וואָס מיט זיי זיינען געגעבן געוואָרן אין זייער האַנט; וואָרום זיי האָבן געשריען צו גאָט אין דער מלחמה, און ער האָט זיך געלאָזט דערבעטן פון זיי, ווייל זיי האָבן זיך פאַרזיכערט אויף אים. [21] און זיי האָבן געפאַנגען זייערע פי: זייערע קעמלען פופציק טויזנט, און שאָף צוויי הונדערט און פופציק טויזנט, און אייזלען צוויי טויזנט, און נפשות מענטשן הונדערט טויזנט. [22] וואָרום עס זיינען געפאַלן פיל דערשלאָגענע, ווייל די מלחמה איז געווען פון גאָט. און זיי זיינען געזעסן אויף דעם אָרט פון זיי ביז צום גלות.

[23] און די קינדער פון דעם האַלבן שבט מנשה זיינען געזעסן אין לאַנד, פון בָּשָׁן ביז בַּעַל־חֶרְמוֹן, און שְׂנִיר, און דעם באַרג חֶרְמוֹן. זיי האָבן זיך געמערט. [24] און דאָס זיינען די הויפּטלייט פון זייערע פּאָטערהייזער: עֵפֶר, און יִשְׁעִי, און אֱלִיאֵל, און עַזְרִיאֵל, און יִרְמְיָה, און הוֹדַוְיָה, און יַחְדִיאֵל, מענטשן העלדישע גיבורים, מענטשן מיט נעמען, הויפּטן פון זייערע פּאָטערהייזער.

[25] און זיי האָבן געפעלשט אָן דעם גאָט פון זייערע עלטערן, און זיינען געווען פאַרפירט נאָך די געטער פון די פעלקער פון לאַנד, וואָס גאָט האָט פאַרטיליקט פון פאַר זיי. [26] און דער גאָט פון ישׂראל האָט דערוועקט דעם גייסט פון פּוּל דעם מלך פון אַשּׁוּר, און דעם גייסט פון תִּלְגַת־פִּלְנֶסֶר דעם מלך פון אַשּׁוּר, און ער האָט זיי פאַרטריבן – די ראוּבנים, און די גָדים, און דעם האַלבן שבט מנשה, און ער האָט זיי געבראַכט קיין לַחְלַח, און חָבוֹר, און הָרָא, און בּיים טייך גוֹזָן, ביז אויף היינטיקן טאָג.

כח כט ובני קהת עמרם יצהר וחברון ועזיאל: ובני עמרם
אהרן ומשה ומרים ובני אהרן נדב ואביהוא אלעזר
ל ואיתמר: אלעזר הוליד את־פינחס פינחס הליד את־
לא אבישוע: ואבישוע הוליד את־בקי ובקי הוליד את־עזי:
לב לג ועזי הוליד את־זרחיה וזרחיה הוליד את־מריות: מריות
לד הוליד את־אמריה ואמריה הוליד את־אחיטוב: ואחיטוב
לה הוליד את־צדוק וצדוק הוליד את־אחימעץ: ואחימעץ
לו הוליד את־עזריה ועזריה הוליד את־יוחנן: ויוחנן הוליד
את־עזריה הוא אשר כהן בבית אשר־בנה שלמה
לז בירושלם: ויולד עזריה את־אמריה ואמריה הוליד את־
לח אחיטוב: ואחיטוב הוליד את־צדוק וצדוק הוליד את־
לט שלום: ושלום הוליד את־חלקיה וחלקיה הוליד את־
מ עזריה: ועזריה הוליד את־שריה ושריה הוליד את־
מא יהוצדק: ויהוצדק הלך בהגלות יהוה את־יהודה
וירושלם ביד נבכדנאצר:

ו

א ב בני לוי גרשם קהת ומררי: ואלה שמות בני־גרשום
ג לבני ושמעי: ובני קהת עמרם ויצהר וחברון ועזיאל:
ד בני מררי מחלי ומשי ואלה משפחות הלוי לאבתיהם:
ה ו לגרשום לבני בנו יחת בנו זמה בנו: יואח בנו עדו בנו
ז זרח בנו יאתרי בנו: בני קהת עמינדב בנו קרח בנו
ח ט אסיר בנו: אלקנה בנו ואביסף בנו ואסיר בנו: תחת
י בנו אוריאל בנו עזיה בנו ושאול בנו: ובני אלקנה
יא עמשי ואחימות: אלקנה בנו אלקנה צופי בנו ונחת
יב יג בנו: אליאב בנו ירחם בנו אלקנה בנו: ובני שמואל
יד הבכר ושני ואביה: בני מררי מחלי לבני בנו שמעי
טו בנו עזה בנו: שמעא בנו חגיה בנו עשיה בנו:

---

ז, יא׳ בני קרי

27 די זין פון לֵוִין: גֵרשון, קהָת, און מרָרי. 28 און די זין פון קהָתן: עַמרָם, יִצהָר, און חֶברון, און עוזיאֵל. 29 און די קינדער פון עַמרָמען: אַהרן, און משה, און מרים. און די זין פון אַהרֹנען: נָדָב, און אַביהוא, אֶלעָזָר, און איתָמָר. 30 אֶלעָזָר האָט געבאָרן פינחסן; פינחס האָט געבאָרן אַבישוּעַן. 31 און אַבישוּעַ האָט געבאָרן בוקין, און בוקי האָט געבאָרן עוזין. 32 און עוזי האָט געבאָרן זַרחיָהן, און זַרחיָה האָט געבאָרן מרָיותן. 33 מרָיות האָט געבאָרן אַמַריָהן, און אַמַריָה האָט געבאָרן אַחיטובן. 34 און אַחיטוב האָט געבאָרן צָדוקן, און צָדוק האָט געבאָרן אַחימַעַצן. 35 און אַחימַעַץ האָט געבאָרן עַזַריָהן, און עַזַריָה האָט געבאָרן יוחָנָנען. 36 און יוחָנָן האָט געבאָרן עַזַריָהן; דאָס איז דער וואָס איז געווען אַ כֹהן אין דעם הויז וואָס שלמה האָט געבויט אין ירושָלַיִם. 37 און עַזַריָה האָט געבאָרן אַמַריָהן, און אַמַריָה האָט געבאָרן אַחיטובן. 38 און אַחיטוב האָט געבאָרן צָדוקן, און צָדוק האָט גע־באָרן שַלומען. 39 און שַלום האָט געבאָרן חִלקִיָהן, און חִלקִיָה האָט געבאָרן עַזַריָהן. 40 און עַזַריָה האָט געבאָרן שׂרָיָהן, און שׂרָיָה האָט געבאָרן יהוֹצָדָקן. 41 און יהוֹצָדָק איז אַוועק אין גלות, ווען גאָט האָט פאַרטריבן יהודה און ירושָלַיִם דורך דער האַנט פון נבוכַדנֶצַרן.

ו 1 די זין פון לֵוִין: גֵרשום, קהָת, און מרָרי. 2 דאָס זיינען די נעמען פון גֵרשומס זין: לִבני, און שִמעִי. 3 און די זין פון קהָתן זיינען געווען: עַמרָם, און יִצהָר, און חֶברון, און עוזיאֵל. 4 די זין פון מרָרין: מַחלי, און מושי. און דאָס זיינען די משפחות פון לֵוִי לויט זייערע עלטערן.

5 פון גֵרשומען: זיין זון לִבני, זיין זון יַחַת, זיין זון זִמָה; 6 זיין זון יואָח, זיין זון עִדו, זיין זון זֶרַח, זיין זון יאַתרַי.

7 די קינדער פון קהָתן: זיין זון עַמינָדָב, זיין זון קֹרַח, זיין זון אַסיר; 8 זיין זון אֶלקָנָה, און זיין זון אֶביָסָף, און זיין זון אַסיר; 9 זיין זון תַחַת, זיין זון אוריאֵל, זיין זון עוזִיָה, און זיין זון שָאול. 10 און די קינדער פון אֶלקָנָהן: עַמָשַי, און אַחימות, 11 [און] אֶלקָנָה. די קינדער פון אֶלקָנָהן: זיין זון צופַי, און זיין זון נַחַת; 12 זיין זון אֱליאָב, זיין זון ירוחָם, זיין זון אֶלקָנָה. 13 און די זין פון שמואלן: דער בכור וַשני, און אַביָה.

14 די קינדער פון מרָרין: מַחלי; זיין זון לִבני, זיין זון שִמעִי, זיין זון עוזָה; 15 זיין זון שִמעָא, זיין זון חַגִיָה, זיין זון עֲשָׂיָה.

וְאֵלֶּה אֲשֶׁר הֶעֱמִיד דָּוִיד עַל־יְדֵי־שִׁיר בֵּית יְהוָה מִמְּנוֹחַ טז
הָאָרוֹן׃ וַיִּהְיוּ מְשָׁרְתִים לִפְנֵי מִשְׁכַּן אֹהֶל־מוֹעֵד בַּשִּׁיר יז
עַד־בְּנוֹת שְׁלֹמֹה אֶת־בֵּית יְהוָה בִּירוּשָׁלָםִ וַיַּעַמְדוּ
כְמִשְׁפָּטָם עַל־עֲבוֹדָתָם׃ וְאֵלֶּה הָעֹמְדִים וּבְנֵיהֶם מִבְּנֵי יח
הַקְּהָתִי הֵימָן הַמְשׁוֹרֵר בֶּן־יוֹאֵל בֶּן־שְׁמוּאֵל׃ בֶּן־אֶלְקָנָה יט
בֶּן־יְרֹחָם בֶּן־אֱלִיאֵל בֶּן־תּוֹחַ׃ בֶּן־צִיף בֶּן־אֶלְקָנָה בֶּן כ
מַחַת בֶּן־עֲמָשָׂי׃ בֶּן־אֶלְקָנָה בֶּן־יוֹאֵל בֶּן־עֲזַרְיָה בֶּן־צְפַנְיָה׃ כא
בֶּן־תַּחַת בֶּן־אַסִּיר בֶּן־אֶבְיָסָף בֶּן־קֹרַח׃ בֶּן־יִצְהָר בֶּן כב כג
קְהָת בֶּן־לֵוִי בֶּן־יִשְׂרָאֵל׃ וְאָחִיו אָסָף הָעֹמֵד עַל־ כד
יְמִינוֹ אָסָף בֶּן־בֶּרֶכְיָהוּ בֶּן־שִׁמְעָא׃ בֶּן־מִיכָאֵל בֶּן־בַּעֲשֵׂיָה כה
בֶּן־מַלְכִּיָּה׃ בֶּן־אֶתְנִי בֶן־זֶרַח בֶּן־עֲדָיָה׃ בֶּן־אֵיתָן בֶּן כו כז
זִמָּה בֶּן־שִׁמְעִי׃ בֶּן־יַחַת בֶּן־גֵּרְשֹׁם בֶּן־לֵוִי׃ וּבְנֵי כח כט
מְרָרִי אֲחֵיהֶם עַל־הַשְּׂמֹאול אֵיתָן בֶּן־קִישִׁי בֶּן־עַבְדִּי בֶּן
מַלּוּךְ׃ בֶּן־חֲשַׁבְיָה בֶּן־אֲמַצְיָה בֶּן־חִלְקִיָּה׃ בֶּן־אַמְצִי בֶּן ל לא
בָּנִי בֶּן־שָׁמֶר׃ בֶּן־מַחְלִי בֶּן־מוּשִׁי בֶּן־מְרָרִי בֶּן־לֵוִי׃ לב
וַאֲחֵיהֶם הַלְוִיִּם נְתוּנִים לְכָל־עֲבוֹדַת מִשְׁכַּן בֵּית הָאֱלֹהִים׃ לג
וְאַהֲרֹן וּבָנָיו מַקְטִירִים עַל־מִזְבַּח הָעוֹלָה וְעַל־מִזְבַּח לד
הַקְּטֹרֶת לְכֹל מְלֶאכֶת קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים וּלְכַפֵּר עַל־יִשְׂרָאֵל
כְּכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה מֹשֶׁה עֶבֶד הָאֱלֹהִים׃ וְאֵלֶּה בְּנֵי לה
אַהֲרֹן אֶלְעָזָר בְּנוֹ פִּינְחָס בְּנוֹ אֲבִישׁוּעַ בְּנוֹ׃ בֻּקִּי בְנוֹ עֻזִּי לו
בְנוֹ זְרַחְיָה בְנוֹ׃ מְרָיוֹת בְּנוֹ אֲמַרְיָה בְנוֹ אֲחִיטוּב בְּנוֹ׃ לז
צָדוֹק בְּנוֹ אֲחִימַעַץ בְּנוֹ׃ וְאֵלֶּה מוֹשְׁבוֹתָם לְטִירוֹתָם לח לט
בִּגְבוּלָם לִבְנֵי אַהֲרֹן לְמִשְׁפַּחַת הַקְּהָתִי כִּי לָהֶם הָיָה
הַגּוֹרָל׃ וַיִּתְּנוּ לָהֶם אֶת־חֶבְרוֹן בְּאֶרֶץ יְהוּדָה וְאֶת־ מ
מִגְרָשֶׁיהָ סְבִיבֹתֶיהָ׃ וְאֶת־שְׂדֵה הָעִיר וְאֶת־חֲצֵרֶיהָ נָתְנוּ מא
לְכָלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה׃ וְלִבְנֵי אַהֲרֹן נָתְנוּ אֶת־עָרֵי הַמִּקְלָט מב
אֶת־חֶבְרוֹן וְאֶת־לִבְנָה וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ וְאֶת־יַתִּר וְאֶת־

כ׳ צוף קרי

16 און דאָס זיינען די וואָס דוד האָט געשטעלט ביים זינגען אין הויז פון גאָט, נאָכדעם ווי דער אָרון איז געקומען צו זיין רו. 17 און זיי האָבן געדינט פאַר דעם מִשכּן פון אוהל־מועד מיט געזאַנג, ביז שלמה האָט געבויט דאָס הויז פון גאָט אין ירושָלַיִם, און זיי האָבן זיך געשטעלט לויט זייער אָרדענונג ביי זייער דינסט. 18 און דאָס זיינען די וואָס זיינען דאָרטן געשטאַנען, מיט זייערע זין: פון די זין פון די קהָתים: הֵימָן דער זינגער, דער זון פון יואֵל דעם זון פון שמואל, 19 דעם זון פון אֶלקָנָה, דעם זון פון ירוחָם, דעם זון פון אֱליאֵל, דעם זון פון תּוחַ, 20 דעם זון פון צוף, דעם זון פון אֶלקָנָה, דעם זון פון מַחַת, דעם זון פון עֲמָשַׂי, 21 דעם זון פון אֶלקָנָה, דעם זון פון יואֵל, דעם זון פון עֲזַריָה, דעם זון פון צפַניָה, 22 דעם זון פון תַּחַת, דעם זון פון אַסיר, דעם זון פון אֶביָסָף, דעם זון פון קֹרַח, 23 דעם זון פון יִצהָר, דעם זון פון קהָת, דעם זון פון לֵוִי, דעם זון פון ישׂראלן. 24 און זיין ברודער אָסָף איז געווען דער וואָס איז געשטאַנען צו זיין רעכטער האַנט: אָסָף דער זון פון בֶּרֶכיָהו דעם זון פון שִמעָא, 25 דעם זון פון מיכָאֵל, דעם זון פון בַּעֲשֵׂיָה, דעם זון פון מַלכִּיָה, 26 דעם זון פון אֶתני, דעם זון פון זֶרַח, דעם זון פון עֲדָיָה, 27 דעם זון פון אֵיתָן, דעם זון פון זִמָה, דעם זון פון שִמעִי, 28 דעם זון פון יַחַת, דעם זון פון גֵרשום, דעם זון פון לֵוִין. 29 און זייערע ברידער די קינדער פון מְרָרי, אויף דער לינקער זייט: אֵיתָן דער זון פון קִישי דעם זון פון עַבדי, דעם זון פון מַלוּך, 30 דעם זון פון חֲשַביָה, דעם זון פון אֲמַציָה, דעם זון פון חִלקִיָה, 31 דעם זון פון אַמצי, דעם זון פון בָּני, דעם זון פון שֶמֶר, 32 דעם זון פון מַחלי, דעם זון פון מושי, דעם זון פון מְרָרי, דעם זון פון לֵוִין. 33 און זייערע ברידער די לֵויִים זיינען געווען אָפּגעגעבן צו דעם גאַנצן דינסט פון דעם מִשכּן פון גאָטס הויז.

34 און אַהרן און זיינע קינדער האָבן געדעמפּט אויף דעם מזבח פאַר בראַנדאָפּפער און אויף דעם מזבח פאַר ווייריך; זיי זיינען געווען פאַר יעטוועדער אַרבעט פון דעם קָדשי־קָדשים, און אויף מכפּר צו זיין אויף ישׂראל, לויט אַלץ וואָס משה דער קנעכט פון גאָט האָט באַפוילן. 35 און דאָס זיינען די קינדער פון אַהרן: זיין זון אֶלעָזָר, זיין זון פּינחס, זיין זון אֲבישוּעַ; 36 זיין זון בוקי, זיין זון עוזי, זיין זון זרחיָה; 37 זיין זון מְריות, זיין זון אֲמַריָה, זיין זון אַחיטוב; 38 זיין זון צָדוק, זיין זון אַחימַעַץ.

39 און דאָס זיינען געווען זייערע וווינערטער לויט זייערע לאַגערדערפער אין זייער געמאַרק: צו די קינדער פון אַהרן פון דער משפּחה פון די קהָתים, ווייל זייערס איז געווען [דער ערשטער] גורל, 40 זיי האָט מען געגעבן חֶברון אין לאַנד יהודה מיט אירע פרייע פעלדער רונד אַרום איר. 41 אָבער דאָס פעלד פון דער שטאָט און אירע דערפער האָט מען געגעבן צו כָּלֵב דעם זון פון יפוּנֶה. 42 און צו די קינדער פון אַהרן האָט מען געגעבן די שטעט פון אַנטרינונג,

חֶברוֹן, און לִבנָה מיט אירע פרייע פלעצער, און יַתִּיר, און אֶשתּמוֹעַ מיט אירע פרייע פלעצער; 43 און חִילֵן מיט אירע פרייע פלעצער, דביר מיט אירע פרייע פלעצער; 44 און עָשָן מיט אירע פרייע פלעצער, און בֵּית־שֶמֶש מיט אירע פרייע פלעצער. 45 און פון שבט בנימין: גֶבַע מיט אירע פרייע פלעצער, און עָלֶמֶת מיט אירע פרייע פלע־צער, און עֲנָתוֹת מיט אירע פרייע פלעצער. אַלע זייערע שטעט, דרייצן שטעט, לויט זייערע משפחות.

46 און פאַר די איבעריקע קינדער פון קהָת, פון דער משפחה פון דעם שבט, פון דעם האַלבן שבט, פון האַלב מנשה, לויט גורל, צען שטעט. 47 און פאַר די קינ־דער פון גֵרשוֹם לויט זייערע משפחות, פון שבט יִששָכָר, און פון שבט אָשֵר, און פון שבט נפתּלי, און פון שבט מנשה אין בָּשָן, דרייצן שטעט. 48 פאַר די קינדער פון מְרָרי לויט זייערע משפחות, פון שבט ראובן, און פון שבט גָד, און פון שבט זבולון, לויט גורל, צוועלף שטעט.

49 און די קינדער פון ישׂראל האָבן געגעבן צו די לְוִיִים די שטעט מיט זייערע פרייע פלעצער. 50 און זיי האָבן געגעבן לויט גורל, פון דעם שבט פון די קינדער פון יהודה, און פון דעם שבט פון די קינדער פון שמעון, און פון דעם שבט פון די קינדער פון בנימין, די דאָזיקע שטעט וואָס מע רופט דאָ אָן מיט די נעמען.

מג אֶשְׁתְּמֹעַ וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ׃ וְאֶת־חִילֵן וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ אֶת־
מד דְּבִיר וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ׃ וְאֶת־עָשָׁן וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ וְאֶת־בֵּית
מה שֶׁמֶשׁ וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ׃ וּמִמַּטֵּה בִנְיָמִן אֶת־גֶּבַע וְאֶת־
מִגְרָשֶׁיהָ וְאֶת־עַלֶּמֶת וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ וְאֶת־עֲנָתוֹת וְאֶת־
מִגְרָשֶׁיהָ כָּל־עָרֵיהֶם שְׁלֹשׁ־עֶשְׂרֵה עִיר בְּמִשְׁפְּחוֹתֵיהֶם׃
מו וְלִבְנֵי קְהָת הַנּוֹתָרִים מִמִּשְׁפַּחַת הַמַּטֶּה מִמַּחֲצִית
מז מַטֵּה חֲצִי מְנַשֶּׁה בַּגּוֹרָל עָרִים עָשֶׂר׃ וְלִבְנֵי גֵרְשׁוֹם
לְמִשְׁפְּחוֹתָם מִמַּטֵּה יִשָּׂשכָר וּמִמַּטֵּה אָשֵׁר וּמִמַּטֵּה נַפְתָּלִי
מח וּמִמַּטֵּה מְנַשֶּׁה בַּבָּשָׁן עָרִים שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה׃ לִבְנֵי
מְרָרִי לְמִשְׁפְּחוֹתָם מִמַּטֵּה רְאוּבֵן וּמִמַּטֵּה־גָד וּמִמַּטֵּה
מט זְבוּלֻן בַּגּוֹרָל עָרִים שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה׃ וַיִּתְּנוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל
נ לַלְוִיִּם אֶת־הֶעָרִים וְאֶת־מִגְרְשֵׁיהֶם׃ וַיִּתְּנוּ בַגּוֹרָל מִמַּטֵּה
בְנֵי־יְהוּדָה וּמִמַּטֵּה בְנֵי־שִׁמְעוֹן וּמִמַּטֵּה בְּנֵי בִנְיָמִן אֵת
הֶעָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר־יִקְרְאוּ אֶתְהֶם בְּשֵׁמוֹת׃
נא וּמִמִּשְׁפְּחוֹת בְּנֵי קְהָת וַיְהִי עָרֵי גְבוּלָם מִמַּטֵּה אֶפְרָיִם׃
נב וַיִּתְּנוּ לָהֶם אֶת־עָרֵי הַמִּקְלָט אֶת־שְׁכֶם וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ בְּהַר
נג אֶפְרָיִם וְאֶת־גֶּזֶר וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ׃ וְאֶת־יָקְמְעָם וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ
נד וְאֶת־בֵּית חוֹרוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ׃ וְאֶת־אַיָּלוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ
נה וְאֶת־גַּת־רִמּוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ׃ וּמִמַּחֲצִית מַטֵּה מְנַשֶּׁה
אֶת־עָנֵר וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ וְאֶת־בִּלְעָם וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ
נו לְמִשְׁפַּחַת לִבְנֵי־קְהָת הַנּוֹתָרִים׃ לִבְנֵי גֵּרְשׁוֹם
מִמִּשְׁפַּחַת חֲצִי מַטֵּה מְנַשֶּׁה אֶת־גּוֹלָן בַּבָּשָׁן וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ
נז וְאֶת־עַשְׁתָּרוֹת וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ׃ וּמִמַּטֵּה יִשָּׂשכָר אֶת־
נח קֶדֶשׁ וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ אֶת־דָּבְרַת וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ׃ וְאֶת־
רָאמוֹת וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ וְאֶת־עָנֵם וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ׃
נט וּמִמַּטֵּה אָשֵׁר אֶת־מָשָׁל וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ וְאֶת־עַבְדּוֹן וְאֶת־
ס מִגְרָשֶׁיהָ׃ וְאֶת־חוּקֹק וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ וְאֶת־רְחֹב וְאֶת־
סא מִגְרָשֶׁיהָ׃ וּמִמַּטֵּה נַפְתָּלִי אֶת־קֶדֶשׁ בַּגָּלִיל וְאֶת־

מג׳ בס״א חילז   מה׳ בס״א עָלֶ׳

51 און טייל פון די משפחות פון די קינדער פון קהָת האָבן געהאַט די שטעט פון זייער געמאַרק פון שבט אפרים. 52 און מע האָט זיי געגעבן די שטעט פון אַנטרינונג, שכֶם מיט אירע פרייע פלעצער אויפן באַרג אפרים, און גֶזֶר מיט אירע פרייע פלעצער; 53 און יָקמְעָם מיט אירע פרייע פלעצער, און בֵּית־חוֹרוֹן מיט אירע פרייע פלעצער. 54 און אַיָלוֹן מיט אירע פרייע פלעצער, און גַת־רִמוֹן מיט אירע פרייע פלעצער. 55 און פון דעם האַלבן שבט מנשה: עָנֵר מיט אירע פרייע פלעצער, און בִּלעָם מיט אירע פרייע פלעצער, פאַר דער משפחה פון די איבעריקע קינ־דער פון קהָת.

56 פאַר די קינדער פון גֵרשוֹם, פון דער משפחה פון דעם האַלבן שבט מנשה: גוֹלָן אין בָּשָן מיט אירע פרייע פלעצער, און עַשתָּרוֹת מיט אירע פרייע פלעצער. 57 און פון שבט יִששָכָר: קֶדֶש מיט אירע פרייע פלעצער, דָבְרַת מיט אירע פרייע פלעצער. 58 און רָאמוֹת מיט אירע פרייע פלעצער, און עָנֵם מיט אירע פרייע פלע־צער. 59 און פון שבט אָשֵר: מָשָל מיט אירע פרייע פלעצער, און עַבדוֹן מיט אירע פרייע פלעצער. 60 און חוּקוֹק מיט אירע פרייע פלעצער, און רחוב מיט אירע פרייע פלעצער. 61 און פון שבט נפתּלי: קֶדֶש אין גָליל מיט

מִגְרָשֶׁיהָ וְאֶת־חַמּוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ וְאֶת־קִרְיָתַיִם וְאֶת־
מִגְרָשֶׁיהָ׃ לִבְנֵי מְרָרִי הַנּוֹתָרִים מִמַּטֵּה זְבֻלוּן אֶת־ סב
רִמּוֹנוֹ וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ אֶת־תָּבוֹר וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ׃ וּמֵעֵבֶר סג
לְיַרְדֵּן יְרֵחוֹ לְמִזְרַח הַיַּרְדֵּן מִמַּטֵּה רְאוּבֵן אֶת־בֶּצֶר בַּמִּדְבָּר
וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ וְאֶת־יַהְצָה וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ׃ וְאֶת־קְדֵמוֹת סד
וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ וְאֶת־מֵיפַעַת וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ׃ וּמִמַּטֵּה־ סה
גָד אֶת־רָאמוֹת בַּגִּלְעָד וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ וְאֶת־מַחֲנַיִם וְאֶת־
מִגְרָשֶׁיהָ׃ וְאֶת־חֶשְׁבּוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁיהָ וְאֶת־יַעְזֵיר וְאֶת־ סו
מִגְרָשֶׁיהָ׃

## ז

וְלִבְנֵי יִשָּׂשכָר תּוֹלָע וּפוּאָה יָשִׁיב וְשִׁמְרוֹן אַרְבָּעָה׃ וּבְנֵי א ב
תוֹלָע עֻזִּי וּרְפָיָה וִירִיאֵל וְיַחְמַי וְיִבְשָׂם וּשְׁמוּאֵל רָאשִׁים
לְבֵית אֲבוֹתָם לְתוֹלָע גִּבּוֹרֵי חַיִל לְתֹלְדוֹתָם מִסְפָּרָם
בִּימֵי דָוִיד עֶשְׂרִים וּשְׁנַיִם אֶלֶף וְשֵׁשׁ מֵאוֹת׃ וּבְנֵי ג
עֻזִּי יִזְרַחְיָה וּבְנֵי יִזְרַחְיָה מִיכָאֵל וְעֹבַדְיָה וְיוֹאֵל יִשִּׁיָּה
חֲמִשָּׁה רָאשִׁים כֻּלָּם׃ וַעֲלֵיהֶם לְתֹלְדוֹתָם לְבֵית אֲבוֹתָם ד
גְּדוּדֵי צְבָא מִלְחָמָה שְׁלֹשִׁים וְשִׁשָּׁה אָלֶף כִּי־הִרְבּוּ נָשִׁים
וּבָנִים׃ וַאֲחֵיהֶם לְכֹל מִשְׁפְּחוֹת יִשָּׂשכָר גִּבּוֹרֵי חֲיָלִים ה
שְׁמוֹנִים וְשִׁבְעָה אֶלֶף הִתְיַחְשָׂם לַכֹּל׃ בִּנְיָמִן בֶּלַע ו
וָבֶכֶר וִידִיעֲאֵל שְׁלֹשָׁה׃ וּבְנֵי בֶלַע אֶצְבּוֹן וְעֻזִּי וְעֻזִּיאֵל ז
וִירִימוֹת וְעִירִי חֲמִשָּׁה רָאשֵׁי בֵּית אָבוֹת גִּבּוֹרֵי חֲיָלִים
וְהִתְיַחְשָׂם עֶשְׂרִים וּשְׁנַיִם אֶלֶף וּשְׁלֹשִׁים וְאַרְבָּעָה׃
וּבְנֵי בֶכֶר זְמִירָה וְיוֹעָשׁ וֶאֱלִיעֶזֶר וְאֶלְיוֹעֵינַי וְעָמְרִי וִירֵמוֹת ח
וַאֲבִיָּה וַעֲנָתוֹת וְעָלָמֶת כָּל־אֵלֶּה בְּנֵי בָכֶר׃ וְהִתְיַחְשָׂם ט
לְתֹלְדוֹתָם רָאשֵׁי בֵּית אֲבוֹתָם גִּבּוֹרֵי חָיִל עֶשְׂרִים אֶלֶף
וּמָאתָיִם׃ וּבְנֵי יְדִיעֲאֵל בִּלְהָן וּבְנֵי בִלְהָן יְעִישׁ י
וּבִנְיָמִן וְאֵהוּד וּכְנַעֲנָה וְזֵיתָן וְתַרְשִׁישׁ וַאֲחִישָׁחַר׃ כָּל־ יא

ו, סו׳ יעזר י׳ ז, א׳ ישוב קרי י׳ יעוש קרי

אירע פרייע פלעצער, און חַמּוֹן מיט אירע פרייע פלעצער, און קִרְיָתַיִם מיט אירע פרייע פלעצער.

62 פאַר די איבעריקע, די קינדער פון מְרָרִי, פון שבט זבולון: רִמּוֹנוֹ מיט אירע פרייע פלעצער, תָּבוֹר מיט אירע פרייע פלעצער. 63 און פון יענער זייט יַרדן ביי יריחו, צו מורח פון יַרדן, פון שבט ראובן: בֶּצֶר אין מדבר מיט אירע פרייע פלעצער, און יַהַץ מיט אירע פרייע פלעצער; 64 און קְדֵמוֹת מיט אירע פרייע פלעצער, און מֵיפַעַת מיט אירע פרייע פלעצער. 65 און פון שבט גָד: רָאמוֹת אין גִלעָד מיט אירע פרייע פלעצער, און מַחֲנַיִם מיט אירע פרייע פלעצער; 66 און חֶשבּוֹן מיט אירע פרייע פלעצער, און יַעְזֵיר מיט אירע פרייע פלעצער.

## ז

1 און פון די זין פון יִשָׂשכָר זיינען געווען: תּוֹלָע, און פּוּאָה, יָשוּב, און שִמְרוֹן — פיר. 2 און די זין פון תּוֹלָען: עוזי, און רְפָיָה, און יריאל, און יַחמַי, און יִבשָם, און שמואל, הויפטן פון זייערע פאָטערהייזער — פון תּוֹלָע — לויט זייערע געבורטן, העלדישע גיבורים. זייער צאָל אין די טעג פון דודן איז געווען צוויי און צוואַנציק טויזנט און זעקס הונדערט. 3 און די זין פון עוזין זיינען געווען: יִזרַחיָה; און די זין פון יִזרַחיָהן: מִיכָאֵל, און עוֹבַדיָה, און יוֹאֵל, יִשִיָה — פינף; אַלע הויפטן. 4 און צו זיי האָבן געהערט, לויט זייערע געבורטן, לויט זייערע פאָטערהייזער, מחנות קריגחיל, זעקס און דרייסיק טויזנט; וואָרום זיי האָבן געהאַט פיל ווייבער און זין. 5 און זייערע ברידער פון אַלע משפחות פון יִשָׂשכָר, העלדישע גיבורים — זייער פאַרצייכעניש, אין אַלעמען: זיבן און אכציק טויזנט.

6 פון בנימינען: בֶּלַע, און בֶּכֶר, און ידיעֲאֵל — דריי. 7 און די זין פון בֶּלַען: אֶצבּוֹן, און עוזי, און עוזיאל, און ירימוֹת, און עִירִי — פינף, הויפטן פון פאָטערהייזער, העלדישע גיבורים; און זייער פאַרצייכעניש: צוויי און צוואַנציק טויזנט און פיר און דרייסיק. 8 און די זין פון בֶּכֶרן: זמִירָה, און יוֹעָש, און אֱליעֶזֶר, און אֶליוֹעֵינַי, און עָמרִי, און יְרֵמוֹת, און אַבִיָה, און עֲנָתוֹת, און עָלֶמֶת; די אַלע זיינען געווען די זין פון בֶּכֶרן. 9 און זייער פאַרצייכעניש לויט זייערע געבורטן, לויט די הויפטן פון זייערע פאָטערהייזער, העלדישע גיבורים: צוואַנציק טויזנט און צוויי הונדערט. 10 און די זין פון ידיעֲאֵלן: בִּלהָן; און די זין פון בִּלהָנען: יְעוּש, און בנימין, און אֵהוּד, און כּנַעֲנָה, און זֵיתָן, און תַּרשִיש, און אֲחִישָחַר.

אֵלֶּה בְּנֵי יְדִיעֲאֵל לְרָאשֵׁי הָאָבוֹת גִּבּוֹרֵי חֲיָלִים שִׁבְעָה־
יב עָשָׂר אֶלֶף וּמָאתַיִם יֹצְאֵי צָבָא לַמִּלְחָמָה׃ וְשֻׁפִּם וְחֻפִּם
יג בְּנֵי עִיר חֻשִׁם בְּנֵי אַחֵר׃ בְּנֵי נַפְתָּלִי יַחֲצִיאֵל וְגוּנִי וְיֵצֶר
יד וְשַׁלּוּם בְּנֵי בִלְהָה׃ בְּנֵי מְנַשֶּׁה אַשְׂרִיאֵל אֲשֶׁר
יָלָדָה פִּילַגְשׁוֹ הָאֲרַמִּיָּה יָלְדָה אֶת־מָכִיר אֲבִי גִלְעָד׃
טו וּמָכִיר לָקַח אִשָּׁה לְחֻפִּים וּלְשֻׁפִּים וְשֵׁם אֲחֹתוֹ מַעֲכָה
טז וְשֵׁם הַשֵּׁנִי צְלָפְחָד וַתִּהְיֶנָה לִצְלָפְחָד בָּנוֹת׃ וַתֵּלֶד מַעֲכָה
אֵשֶׁת־מָכִיר בֵּן וַתִּקְרָא שְׁמוֹ פֶּרֶשׁ וְשֵׁם אָחִיו שָׁרֶשׁ וּבָנָיו
יז אוּלָם וָרָקֶם׃ וּבְנֵי אוּלָם בְּדָן אֵלֶּה בְּנֵי גִלְעָד בֶּן־מָכִיר
יח בֶּן־מְנַשֶּׁה׃ וַאֲחֹתוֹ הַמֹּלֶכֶת יָלְדָה אֶת־אִישְׁהוֹד וְאֶת־
יט אֲבִיעֶזֶר וְאֶת־מַחְלָה׃ וַיִּהְיוּ בְּנֵי שְׁמִידָע אַחְיָן וָשֶׁכֶם
כ וְלִקְחִי וַאֲנִיעָם׃ וּבְנֵי אֶפְרַיִם שׁוּתָלַח וּבֶרֶד בְּנוֹ
כא וְתַחַת בְּנוֹ וְאֶלְעָדָה בְנוֹ וְתַחַת בְּנוֹ׃ וְזָבָד בְּנוֹ וְשׁוּתֶלַח
בְּנוֹ וְעֵזֶר וְאֶלְעָד וַהֲרָגוּם אַנְשֵׁי־גַת הַנּוֹלָדִים בָּאָרֶץ כִּי
כב יָרְדוּ לָקַחַת אֶת־מִקְנֵיהֶם׃ וַיִּתְאַבֵּל אֶפְרַיִם אֲבִיהֶם יָמִים
כג רַבִּים וַיָּבֹאוּ אֶחָיו לְנַחֲמוֹ׃ וַיָּבֹא אֶל־אִשְׁתּוֹ וַתַּהַר וַתֵּלֶד
בֵּן וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ בְּרִיעָה כִּי בְרָעָה הָיְתָה בְּבֵיתוֹ׃
כד וּבִתּוֹ שֶׁאֱרָה וַתִּבֶן אֶת־בֵּית־חוֹרוֹן הַתַּחְתּוֹן וְאֶת־הָעֶלְיוֹן
כה וְאֵת אֻזֵּן שֶׁאֱרָה׃ וְרֶפַח בְּנוֹ וְרֶשֶׁף וְתֶלַח בְּנוֹ וְתַחַן בְּנוֹ׃
כו כז לַעְדָּן בְּנוֹ עַמִּיהוּד בְּנוֹ אֱלִישָׁמָע בְּנוֹ׃ נוֹן בְּנוֹ יְהוֹשֻׁעַ בְּנוֹ׃
כח וַאֲחֻזָּתָם וּמֹשְׁבוֹתָם בֵּית־אֵל וּבְנֹתֶיהָ וְלַמִּזְרָח נַעֲרָן
וְלַמַּעֲרָב גֶּזֶר וּבְנֹתֶיהָ וּשְׁכֶם וּבְנֹתֶיהָ עַד־עַיָּה וּבְנֹתֶיהָ׃
כט וְעַל־יְדֵי בְנֵי־מְנַשֶּׁה בֵּית־שְׁאָן וּבְנֹתֶיהָ תַּעְנַךְ וּבְנֹתֶיהָ מְגִדּוֹ
וּבְנוֹתֶיהָ דּוֹר וּבְנוֹתֶיהָ בְּאֵלֶּה יָשְׁבוּ בְּנֵי יוֹסֵף בֶּן־יִשְׂרָאֵל׃
ל בְּנֵי אָשֵׁר יִמְנָה וְיִשְׁוָה וְיִשְׁוִי וּבְרִיעָה וְשֶׂרַח
לא אֲחוֹתָם׃ וּבְנֵי בְרִיעָה חֶבֶר וּמַלְכִּיאֵל הוּא אֲבִי בִרְזָוִת׃
לב וְחֶבֶר הוֹלִיד אֶת־יַפְלֵט וְאֶת־שׁוֹמֵר וְאֶת־חוֹתָם וְאֵת שׁוּעָא

יח׳ סגול באתנח    לא׳ ברזית קרי

[11] די אַלע זיינען געווען די קינדער פון ידיעאֵל לויט די הויפּטן פון די פּאַטערהייזער, העלדישע גיבורים, זיבעצן טויזנט און צוויי הונדערט וואָס גייען אַרויס אין חיל אויף מלחמה. [12] דערצו שופּים, און חופּים, די זין פון עִירן; חושם, דער זון פון אַחֵרן.

[13] די זין פון נפתלין: יַחציאֵל, און גוני, און יֵצֶר, און שַלום, די קינדער פון בִלְהָהן.

[14] די זין פון מנשהן: אַשריאֵל וואָס [זיין ווייב] האָט געבאָרן — זיין אַרַמישע קעפּסווייב האָט געבאָרן מָכיר דעם פאָטער פון גִלעָד; [15] און מָכיר האָט גענומען אַ ווייב פון חופּים און שופּים, און דער נאָמען פון זייער שוועסטער איז געווען מַעֲכָה — און דער נאָמען פון צווייטן איז געווען צְלָפְחָד; און צלָפחָד האָט געהאַט טעכטער. [16] און מַעֲכָה די ווייב פון מָכירן האָט געבאָרן אַ זון, און זי האָט גערופן זיין נאָמען פֶּרֶש; און דער נאָמען פון זיין ברודער איז געווען שֶרֶש, און זיינע זין זיינען געווען אולָם, און רָקֶם. [17] און די זין פון אולָמען: בְּדָן. דאָס זיינען די קינדער פון גִלעָד דעם זון פון מָכיר, דעם זון פון מנשהן. [18] און זיין שוועסטער הַמולֶכֶת האָט געבאָרן אישהודן, און אֲביעֶזֶרן, און מַחלָהן. [19] און די זין פון שמידָען זיינען געווען: אַחיָן, און שֶכֶם, און לִקחי, און אַניעָם.

[20] און די זין פון אפרימען: שותֶלַח — און זיין זון איז געווען בֶּרֶד, און זיין זון תַּחַת, און זיין זון אֶלְעָדָה, און זיין זון תַּחַת; [21] און זיין זון זָבָד, און זיין זון שותֶלַח — און עֵזֶר, און אֶלְעָד. און די מענטשן פון גַת, די איינגעבאָרענע פון לאַנד האָבן זיי געהרגעט, ווייל זיי האָבן אַראָפּגענידערט אַוועקצונעמען זייערע פי. [22] און זייער פאָטער אפרים האָט געטרויערט פיל טעג, און זיינע ברידער זיינען געקומען אים טרייסטן. [23] און ער איז געקומען צו זיין ווייב, און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון, און ער האָט גערופן זיין נאָמען בריעָה ווייל אַן אומגליק[א] איז געשען אין זיין הויז. [24] און זיין טאָכטער איז געווען שֶׁאֱרָה, און זי האָט געבויט בית־חורון, די אונטערשטע און די אויבערשטע, און אוזֵן־שֶׁאֱרָה. [25] און זיין זון איז געווען רֶפַח, און רֶשֶף, און זיין זון תֶּלַח, און זיין זון תַּחַן; [26] זיין זון לַעְדָן, זיין זון עַמיהוד, זיין זון אֱלישָמָע; [27] זיין זון נון, זיין זון יהושֻעַ. [28] און זייער אייגנטום און זייערע וווינערטער איז געווען בית־אֵל מיט אירע טעכטערשטעט, און צו מזרח, נַעֲרָן, און צו מערב גֶזֶר מיט אירע טעכטערשטעט, און שכם מיט אירע טעכטערשטעט, ביז עַיָּה מיט אירע טעכטערשטעט. [29] און לעבן די קינדער פון מנשה, בית־שְאָן מיט אירע טעכטערשטעט, תַּעֲנַך מיט אירע טעכטערשטעט, מגִדו מיט אירע טעכטערשטעט, דור מיט אירע טעכטערשטעט. אין דיזאָזיקע זיינען געזעסן די קינדער פון יוסף דעם זון פון ישראלן.

[30] די קינדער פון אָשרן: יִמנָה, און יִשוָה, און יִשוִי, און בריעָה, און זייער שוועסטער שֶׂרַח. [31] און די זין פון בריעָהן: חֶבֶר, און מַלכיאֵל, דאָס איז דער פאָטער פון בִרזָיִת. [32] און חֶבֶר האָט געבאָרן יַפלֵטן, און שומֵרן, און חותָמען, און זייער

א אין טעקסט: בְּרָעָה, אין אַן אומגליק.

אֲחוֹתָם׃ וּבְנֵי יַפְלֵט פָּסַךְ וּבִמְהָל וְעַשְׁוָת אֵלֶּה בְּנֵי יַפְלֵט׃ לג
וּבְנֵי שֶׁמֶר אֲחִי וְרָוהְגָּה יְחֻבָּה וַאֲרָם׃ וּבֶן־הֵלֶם אָחִיו לד לה
צוֹפַח וְיִמְנָע וְשֵׁלֶשׁ וְעָמָל׃ בְּנֵי צוֹפַח סוּחַ וְחַרְנֶפֶר וְשׁוּעָל לו
וּבֵרִי וְיִמְרָה׃ בֶּצֶר וָהוֹד וְשַׁמָּא וְשִׁלְשָׁה וְיִתְרָן וּבְאֵרָא׃ לז
וּבְנֵי יֶתֶר יְפֻנֶּה וּפִסְפָּה וַאֲרָא׃ וּבְנֵי עֻלָּא אָרַח וְחַנִּיאֵל לח לט
וְרִצְיָא׃ כָּל־אֵלֶּה בְנֵי־אָשֵׁר רָאשֵׁי בֵית־הָאָבוֹת בְּרוּרִים מ
גִּבּוֹרֵי חֲיָלִים רָאשֵׁי הַנְּשִׂיאִים וְהִתְיַחְשָׂם בַּצָּבָא בַּמִּלְחָמָה
מִסְפָּרָם אֲנָשִׁים עֶשְׂרִים וְשִׁשָּׁה אָלֶף׃

ח

וּבִנְיָמִן הוֹלִיד אֶת־בֶּלַע בְּכֹרוֹ אַשְׁבֵּל הַשֵּׁנִי וְאַחְרַח א
הַשְּׁלִישִׁי׃ נוֹחָה הָרְבִיעִי וְרָפָא הַחֲמִישִׁי׃ וַיִּהְיוּ בָנִים ב ג
לְבָלַע אַדָּר וְגֵרָא וַאֲבִיהוּד׃ וַאֲבִישׁוּעַ וְנַעֲמָן וַאֲחוֹחַ׃ ד
וְגֵרָא וּשְׁפוּפָן וְחוּרָם׃ וְאֵלֶּה בְּנֵי אֵחוּד אֵלֶּה הֵם רָאשֵׁי ה ו
אָבוֹת לְיוֹשְׁבֵי גֶבַע וַיַּגְלוּם אֶל־מָנָחַת׃ וְנַעֲמָן וַאֲחִיָּה וְגֵרָא ז
הוּא הֶגְלָם וְהוֹלִיד אֶת־עֻזָּא וְאֶת־אֲחִיחֻד׃ וְשַׁחֲרַיִם הוֹלִיד ח
בִּשְׂדֵה מוֹאָב מִן־שִׁלְחוֹ אֹתָם חוּשִׁים וְאֶת־בַּעֲרָא נָשָׁיו׃
וַיּוֹלֶד מִן־חֹדֶשׁ אִשְׁתּוֹ אֶת־יוֹבָב וְאֶת־צִבְיָא וְאֶת־מֵישָׁא ט
וְאֶת־מַלְכָּם׃ וְאֶת־יְעוּץ וְאֶת־שָׂכְיָה וְאֶת־מִרְמָה אֵלֶּה י
בָנָיו רָאשֵׁי אָבוֹת׃ וּמֵחֻשִׁים הוֹלִיד אֶת־אֲבִיטוּב וְאֶת־ יא
אֶלְפָּעַל׃ וּבְנֵי אֶלְפַּעַל עֵבֶר וּמִשְׁעָם וָשָׁמֶד הוּא בָּנָה יב
אֶת־אוֹנוֹ וְאֶת־לֹד וּבְנֹתֶיהָ׃ וּבְרִעָה וָשֶׁמַע הֵמָּה רָאשֵׁי יג
הָאָבוֹת לְיוֹשְׁבֵי אַיָּלוֹן הֵמָּה הִבְרִיחוּ אֶת־יוֹשְׁבֵי גַת׃ וְאַחְיוֹ יד
שָׁשַׁק וִירֵמוֹת׃ וּזְבַדְיָה וַעֲרָד וָעֵדֶר׃ וּמִיכָאֵל וְיִשְׁפָּה טו טז
וְיוֹחָא בְּנֵי בְרִיעָה׃ וּזְבַדְיָה וּמְשֻׁלָּם וְחִזְקִי וָחָבֶר׃ וְיִשְׁמְרַי יז יח
וְיִזְלִיאָה וְיוֹבָב בְּנֵי אֶלְפָּעַל׃ וְיָקִים וְזִכְרִי וְזַבְדִּי׃ וֶאֱלִיעֵינַי יט כ
וְצִלְּתַי וֶאֱלִיאֵל׃ וַעֲדָיָה וּבְרָאיָה וְשִׁמְרָת בְּנֵי שִׁמְעִי׃ כא כב
וְיִשְׁפָּן וָעֵבֶר וֶאֱלִיאֵל׃ וְעַבְדּוֹן וְזִכְרִי וְחָנָן׃ וַחֲנַנְיָה וְעֵילָם כג כד

---

ז, לג׳ בס״א בסין   לד׳ יחד ר   וחבה קרי   לה׳ בס״א בסגול
לח׳ סגול באתנח   ח, יג׳ פתח בס״ס

שוועסטער שועָאן. [33] און די זין פון יַפלַטן זיינען געווען: פָּסַך, און בִּמהָל, און עַשוָת. דאָס זיינען די זין פון יַפלַטן. [34] און די זין פון שֶמֶרן: אַחי, און רָהגָה, און חוּבָּה, און אַרָם. [35] און די זין פון זיין ברודער הֶלֶמען: צוֹפַח, און יִמנָע, און שֵלֶש, און עָמָל. [36] די זין פון צוֹפַחן: סוּחַ, און חַרנֶפֶר, און שוּעָל, און בֵּרי, און יִמרָה; [37] בֶּצֶר, און הוֹד, און שַמָא, און שִלשָה, און יִתרָן, און בּאֵרָא. [38] און די זין פון יֶתֶרן: יפוּנֶה, און פִּספָּא, און אַרָא. [39] און די זין פון עוּלאָן: אָרַח, און חַניאֵל, און רִצְיָא. [40] די אַלע זיינען געווען די קינדער פון אָשר, הויפּטן פון די פאָטערהייזער, געקליבענע העל־דישע גיבּוֹרים, אויבערפירשטן; און זייער פאַרצייכעניש אין חיל פאַר מלחמה — זייער צאָל: זעקס און צוואַנציק טויזנט מאַן.

ח

[1] און בנימין האָט געבאָרן בֶּלַע זיין בכוֹר, אַשבֵּל דעם צווייטן, און אַחרַח דעם דריטן; [2] נוֹחָה דעם פירטן, און רָפָא דעם פינפטן. [3] און בֶּלַע האָט געהאַט זין: אַדָר, און גֵרָא, און אַביהוּד; [4] און אַבישוּעַ, און נַעֲמָן, און אַחוֹחַ; [5] און גֵרָא, און שפוּפָן, און חוּרָם. [6] און דאָס זיינען די זין פון אֵחוּדן: — דידאָזיקע זיינען געווען הויפּטן פון פאָטערהייזער פון די באַוואוינער פון גֶבַע, און מע האָט זיי פאַרטריבן קיין מָנַחַת; [7] און נַעֲמָן, און אַחִיָה, און גֵרָא, זיי האָבן זיי פאַרטריבן — ער האָט געבאָרן עוזאָן, און אַחיחוּדן. [8] און שַחרַיִם האָט געהאַט קינדער אין פעלד פון מוֹאָב, נאָכדעם ווי ער האָט זיי אַוועקגעשיקט — זיינע ווייבער, חוּשים, און בַּעֲרָא. [9] און ער האָט געהאַט מיט זיין ווייב חוֹדֶשן: יוֹבָבן, און צִביָאן, און מֵישאָן, און מַלכָּמען; [10] און יְעוּצן, און שָׂכיָהן, און מִרמָהן. דאָס זיינען געווען זיינע זין — הויפּטן פון פאָטערהייזער. [11] און מיט חוּשימען האָט ער געהאַט אַביטוּבן, און אֶלפַּעַלן.

[12] און די זין פון אֶלפַּעַלן: עֵבֶר, און מִשעָם, און שֶמֶר, וואָס האָט געבויט אוֹנוֹ, און לוֹד מיט אירע טעכטער־שטעט; [13] און בּריעָה, און שֶמַע, וואָס זיינען געווען הויפּטן פון די פאָטערהייזער פון די באַוואוינער פון אַיָלוֹן, די וואָס האָבן פאַריאָגט די באַוואוינער פון גַת. [14] און אַחיוֹ, שָשַק, און ירֵמוֹת, [15] און זבַדיָה, און עֲרָד, און עֶדֶר, [16] און מיכָאֵל, און יִשפָּה, און יוֹחָא, זיינען געווען די זין פון בּריעָהן. [17] און זבַדיָה, און משוּלָם, און חִזקי, און חֶבֶר, [18] און יִשמְרַי, און יִזליאָה, און יוֹבָב, זיינען געווען די זין פון אֶלפַּעַלן. [19] און יָקים, און זִכרי, און זַבדי, [20] און אֶליעֵינַי, און צִלתַי, און אֶליאֵל, [21] און עֲדָיָה, און בּראָיָה, און שִמרָת, זיינען געווען די זין פון שִמעִין. [22] און יִשפָּן, און עֵבֶר, און אֶליאֵל, [23] און עַבדוֹן, און זִכרי, און חָנָן, [24] און חֲנַניָה, און עֵילָם, און עַנתוֹתִיָה, [25] און

יִפְדְיָה, און פְּנוּאֵל, זיינען געווען די זין פון שָׁשַׁק. 26 און
שַׁמְשְׁרַי, און שְׁחַרְיָה, און עֲתַלְיָה, 27 און יַעֲרֶשְׁיָה, און
אֵלִיָּה, און זִכְרִי, זיינען געווען די זין פון יְרוֹחָמען. 28 די־
דאָזיקע זיינען געווען הויפּטן פון פאָטערהייזער — לויט
זייערע געבורטן, הויפּטן. דידאָזיקע זיינען געזעסן אין
ירושָׁלַיִם.

29 און אין גִבְעוֹן זיינען געזעסן: דער פאָטער פון
גִבְעוֹן[א], וואָס דער נאָמען פון זיין ווייב איז געווען מַעֲכָה;
30 און זיין ערשטגעבאָרענער זון עַבְדוֹן, און צוּר, און קִישׁ,
און בַּעַל, און נָדָב; 31 און גדוֹר, און אַחְיוֹ, און זֶכֶר. 32 און
מִקְלוֹת האָט געבאָרן שִׁמְאָהן. און זיי אויך מיט זייערע
ברידער זיינען געזעסן אין ירושָׁלַיִם, אַקעגן זייערע
ברידער.

33 און נֵר האָט געבאָרן קישן, און קיש האָט געבאָרן
שָׁאולן, און שָׁאול האָט געבאָרן יוֹנָתָנען, און מַלְכּי־שוּעַן,
און אֲבינָדָבן, און אֶשְׁבַּעַלן. 34 און יוֹנָתָנס זון איז געווען
מריב־בַּעַל; און מריב־בַּעַל האָט געבאָרן מִיכָהן. 35 און
די זין פון מִיכָהן זיינען געווען: פּיתון, און מֶלֶך, און תַּארֵעַ,
און אָחָז. 36 און אָחָז האָט געבאָרן יהוֹעַדָּהן; און יהוֹעַדָּה
האָט געבאָרן עָלֶמֶתן, און עַזְמָוֶתן, און זִמרין; און זִמרי
האָט געבאָרן מוֹצָאן. 37 און מוֹצָא האָט געבאָרן בִּנְעָאן;
זיין זון איז געווען רָפָה, זיין זון אֶלְעָשָׂה, זיין זון אָצֵל. 38 און
אָצֵל האָט געהאַט זעקס זין, און דאָס זיינען זייערע נעמען:
עַזְריקָם, בּוֹכרוּ, און יִשְׁמָעֵאל, און שעַרְיָה, און עוֹבַדְיָה,
און חָנָן. די אַלע זיינען געווען די זין פון אָצֵלן. 39 און די זין פון זיין ברודער עֵשֶׁקן: אוּלָם זיין בְּכוֹר, יְעוּשׁ דער
צווייטער, און אֱלִיפֶלֶט דער דריטער. 40 און די זין פון אוּלָמען זיינען געווען מענטשן העלדישע גיבורים, בויגן־
שפּאַנער; און זיי האָבן געהאַט פיל קינדער און קינדסקינדער — הונדערט און פופציק. די אַלע זיינען געווען פון די
קינדער פון בנימין.

כה וַעֲנְתֹתִיָּה׃ וְיִפְדְיָה וּפְנִיאֵל בְּנֵי שָׁשָׁק׃ וְשַׁמְשְׁרַי וּשְׁחַרְיָה
כו
כז וַעֲתַלְיָה׃ וְיַעֲרֶשְׁיָה וְאֵלִיָּה וְזִכְרִי בְּנֵי יְרֹחָם׃ אֵלֶּה רָאשֵׁי
כח
אָבוֹת לְתֹלְדוֹתָם רָאשִׁים אֵלֶּה יָשְׁבוּ בִּירוּשָׁלָםִ׃
כט וּבְגִבְעוֹן יָשְׁבוּ אֲבִי גִבְעוֹן וְשֵׁם אִשְׁתּוֹ מַעֲכָה׃ וּבְנוֹ
ל
לא הַבְּכוֹר עַבְדּוֹן וְצוּר וְקִישׁ וּבַעַל וְנָדָב׃ וּגְדוֹר וְאַחְיוֹ וָזָכֶר׃
לב וּמִקְלוֹת הוֹלִיד אֶת־שִׁמְאָה וְאַף־הֵמָּה נֶגֶד אֲחֵיהֶם יָשְׁבוּ
לג בִירוּשָׁלַםִ עִם־אֲחֵיהֶם׃ וְנֵר הוֹלִיד אֶת־קִישׁ
וְקִישׁ הוֹלִיד אֶת־שָׁאוּל וְשָׁאוּל הוֹלִיד אֶת־יְהוֹנָתָן וְאֶת־
לד מַלְכִּי־שׁוּעַ וְאֶת־אֲבִינָדָב וְאֶת־אֶשְׁבָּעַל׃ וּבֶן־יְהוֹנָתָן מְרִיב
לה בָּעַל וּמְרִיב בַּעַל הוֹלִיד אֶת־מִיכָה׃ וּבְנֵי מִיכָה פִּיתוֹן
לו וָמֶלֶךְ וְתַאְרֵעַ וְאָחָז׃ וְאָחָז הוֹלִיד אֶת־יְהוֹעַדָּה וִיהוֹעַדָּה
הוֹלִיד אֶת־עָלֶמֶת וְאֶת־עַזְמָוֶת וְאֶת־זִמְרִי וְזִמְרִי הוֹלִיד
לז אֶת־מוֹצָא׃ וּמוֹצָא הוֹלִיד אֶת־בִּנְעָא רָפָה בְנוֹ אֶלְעָשָׂה
לח בְנוֹ אָצֵל בְּנוֹ׃ וּלְאָצֵל שִׁשָּׁה בָנִים וְאֵלֶּה שְׁמוֹתָם
עַזְרִיקָם ׀ בֹּכְרוּ וְיִשְׁמָעֵאל וּשְׁעַרְיָה וְעֹבַדְיָה וְחָנָן כָּל־אֵלֶּה
לט בְּנֵי אָצֵל׃ וּבְנֵי עֵשֶׁק אָחִיו אוּלָם בְּכֹרוֹ יְעוּשׁ הַשֵּׁנִי
מ וֶאֱלִיפֶלֶט הַשְּׁלִשִׁי׃ וַיִּהְיוּ בְנֵי־אוּלָם אֲנָשִׁים גִּבֹּרֵי־חַיִל
דֹּרְכֵי קֶשֶׁת וּמַרְבִּים בָּנִים וּבְנֵי בָנִים מֵאָה וַחֲמִשִּׁים כָּל־
אֵלֶּה מִבְּנֵי בִנְיָמִן׃

ט

א וְכָל־יִשְׂרָאֵל הִתְיַחְשׂוּ וְהִנָּם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר מַלְכֵי
ב יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה הָגְלוּ לְבָבֶל בְּמַעֲלָם׃ וְהַיּוֹשְׁבִים הָרִאשֹׁנִים
אֲשֶׁר בַּאֲחֻזָּתָם בְּעָרֵיהֶם יִשְׂרָאֵל הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם וְהַנְּתִינִים׃
ג וּבִירוּשָׁלַםִ יָשְׁבוּ מִן־בְּנֵי יְהוּדָה וּמִן־בְּנֵי בִנְיָמִן וּמִן־בְּנֵי
ד אֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה׃ עוּתַי בֶּן־עַמִּיהוּד בֶּן־עָמְרִי בֶּן־אִמְרִי
ה בֶן־בָּנִימִן־בְּנֵי־פֶרֶץ בֶּן־יְהוּדָה׃ וּמִן־הַשִּׁילוֹנִי עֲשָׂיָה הַבְּכוֹר
ו וּבָנָיו׃ וּמִן־בְּנֵי זֶרַח יְעוּאֵל וַאֲחֵיהֶם שֵׁשׁ־מֵאוֹת וְתִשְׁעִים׃

ח, כד׳ בס״א תְּיָה   כה׳ ופנואל קרי   לח׳ פתח בס״פ   ט, ד׳ בני מן־ק׳

ט 1 און גאַנץ ישׂראל האָבן זיך פאַרצייכנט, און זיי זיינען פאַרשריבן אין בוך פון די מלכים פון ישׂראל. און
יהודה איז פאַרטריבן געוואָרן קיין בָּבֶל פאַר זייער פעלשונג. 2 און די וואָס האָבן זיך די ערשטע באַזעצט
אויף זייער אייגנטום אין זייערע שטעט, זיינען געווען, ישׂראל, די כֹּהנים, די לוִיִים, און די נתינים. 3 און אין ירושָׁלַיִם
זיינען געזעסן פון די קינדער פון יהודה, און פון די קינדער פון בנימין, און פון די קינדער פון אפרים און מנשה: 4 עוּתַי
דער זון פון עַמִּיהוּד דעם זון פון עָמְרי, דעם זון פון אִמְרין, דעם זון פון בָּנִין, פון די זין פון פֶּרֶץ דעם זון פון יהודהן. 5 און
פון די שילוֹנים: עֲשָׂיָה דער בְּכוֹר, און זיינע זין. 6 און פון די קינדער פון זֶרַח: יְעוּאֵל, און זייערע ברידער, זעקס הונדערט

א זע ט, 35.

ז וּמִן־בְּנֵי בִּנְיָמִן סַלּוּא בֶּן־מְשֻׁלָּם בֶּן־הוֹדַוְיָה בֶּן־הַסְּנֻאָה׃
ח וְיִבְנְיָה בֶּן־יְרֹחָם וְאֵלָה בֶן־עֻזִּי בֶּן־מִכְרִי וּמְשֻׁלָּם בֶּן־
ט שְׁפַטְיָה בֶּן־רְעוּאֵל בֶּן־יִבְנִיָּה׃ וַאֲחֵיהֶם לְתֹלְדוֹתָם תְּשַׁע
מֵאוֹת וַחֲמִשִּׁים וְשִׁשָּׁה כָּל־אֵלֶּה אֲנָשִׁים רָאשֵׁי אָבוֹת לְבֵית
י אֲבֹתֵיהֶם׃ וּמִן־הַכֹּהֲנִים יְדַעְיָה וִיהוֹיָרִיב וְיָכִין׃
יא וַעֲזַרְיָה בֶּן־חִלְקִיָּה בֶּן־מְשֻׁלָּם בֶּן־צָדוֹק בֶּן־מְרָיוֹת בֶּן־
יב אֲחִיטוּב נְגִיד בֵּית הָאֱלֹהִים׃ וַעֲדָיָה בֶּן־יְרֹחָם בֶּן־
פַּשְׁחוּר בֶּן־מַלְכִּיָּה וּמַעְשַׂי בֶּן־עֲדִיאֵל בֶּן־יַחְזֵרָה בֶּן־מְשֻׁלָּם
יג בֶּן־מְשִׁלֵּמִית בֶּן־אִמֵּר׃ וַאֲחֵיהֶם רָאשִׁים לְבֵית אֲבוֹתָם
אֶלֶף וּשְׁבַע מֵאוֹת וְשִׁשִּׁים גִּבּוֹרֵי חֵיל מְלֶאכֶת עֲבוֹדַת
יד בֵּית־הָאֱלֹהִים׃ וּמִן־הַלְוִיִּם שְׁמַעְיָה בֶן־חַשּׁוּב בֶּן־
טו עַזְרִיקָם בֶּן־חֲשַׁבְיָה מִן־בְּנֵי מְרָרִי׃ וּבַקְבַּקַּר חֶרֶשׁ וְגָלָל
טז וּמַתַּנְיָה בֶּן־מִיכָא בֶּן־זִכְרִי בֶּן־אָסָף׃ וְעֹבַדְיָה בֶּן־שְׁמַעְיָה
בֶּן־גָּלָל בֶּן־יְדוּתוּן וּבֶרֶכְיָה בֶן־אָסָא בֶּן־אֶלְקָנָה הַיּוֹשֵׁב
יז בְּחַצְרֵי נְטוֹפָתִי׃ וְהַשֹּׁעֲרִים שַׁלּוּם וְעַקּוּב וְטַלְמֹן וַאֲחִימָן
יח וַאֲחִיהֶם שַׁלּוּם הָרֹאשׁ׃ וְעַד־הֵנָּה בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ מִזְרָחָה
יט הֵמָּה הַשֹּׁעֲרִים לְמַחֲנוֹת בְּנֵי לֵוִי׃ וְשַׁלּוּם בֶּן־קוֹרֵא בֶּן־
אֶבְיָסָף בֶּן־קֹרַח וְאֶחָיו לְבֵית־אָבִיו הַקָּרְחִים עַל מְלֶאכֶת
הָעֲבֹדָה שֹׁמְרֵי הַסִּפִּים לָאֹהֶל וַאֲבֹתֵיהֶם עַל־מַחֲנֵה יְהוָה
כ שֹׁמְרֵי הַמָּבוֹא׃ וּפִינְחָס בֶּן־אֶלְעָזָר נָגִיד הָיָה עֲלֵיהֶם
כא לְפָנִים יְהוָה ׀ עִמּוֹ׃ זְכַרְיָה בֶּן מְשֶׁלֶמְיָה שֹׁעֵר פֶּתַח
כב לְאֹהֶל מוֹעֵד׃ כֻּלָּם הַבְּרוּרִים לְשֹׁעֲרִים בַּסִּפִּים מָאתַיִם
וּשְׁנֵים עָשָׂר הֵמָּה בְחַצְרֵיהֶם הִתְיַחְשָׂם הֵמָּה יִסַּד דָּוִיד
כג וּשְׁמוּאֵל הָרֹאֶה בֶּאֱמוּנָתָם׃ וְהֵם וּבְנֵיהֶם עַל־הַשְּׁעָרִים
כד לְבֵית־יְהוָה לְבֵית־הָאֹהֶל לְמִשְׁמָרוֹת׃ לְאַרְבַּע רוּחוֹת
כה יִהְיוּ הַשֹּׁעֲרִים מִזְרָח יָמָּה צָפוֹנָה וָנֶגְבָּה׃ וַאֲחֵיהֶם
בְּחַצְרֵיהֶם לָבוֹא לְשִׁבְעַת הַיָּמִים מֵעֵת אֶל־עֵת עִם־אֵלֶּה׃
כו כִּי בֶאֱמוּנָה הֵמָּה אַרְבַּעַת גִּבֹּרֵי הַשֹּׁעֲרִים הֵם הַלְוִיִּם

כא׳ סגל בלי מקף

און נײַנציק. 7 און פון די קינדער פון בנימין: סַלוּא דער זון פון משוּלָם דעם זון פון הוֹדַוְיָה, דעם זון פון הַסנוּאָהן; 8 און יִבנְיָה דער זון פון ירוֹחָמען, און אֵלָה דער זון פון עוזי דעם זון פון מִכרין, און משוּלָם דער זון פון שפַטְיָה דעם זון פון רְעוּאֵל, דעם זון פון יִבנִיָהן; 9 און זײַערע ברידער לויט זײַערע געבורטן, נײַן הונדערט און זעקס און פופציק. די אַלע מענער זײַנען געווען הויפּטן פון פּאָטערהײַזער לויט זײַערע פּאָטערהײַזער.

10 און פון די כֹּהנים: יְדַעְיָה, און יהוֹיָריב, און יָכין; 11 און עֲזַריָה דער זון פון חִלקִיָה דעם זון פון משוּלָם, דעם זון פון צָדוֹק, דעם זון פון מרָיוֹת, דעם זון פון אַחיטוּב, דער פירשט פון גאָטס הויז; 12 און עֲדָיָה דער זון פון ירוֹחָם דעם זון פון פַּשחוּר, דעם זון פון מַלכִּיָהן, און מַעְשַׂי דער זון פון עֲדיאֵל דעם זון פון יַחזֵרָה, דעם זון פון משוּלָם, דעם זון פון משִׁלֵמית, דעם זון פון אִמֵרן; 13 און זײַערע ברידער, הויפּטן פון זײַערע פּאָטערהײַזער, טויזנט און זיבן הונדערט און זעכציק טויגלעכע לײַט פאַר דער דינסטאַרבעט פון גאָטס הויז.

14 און פון די לוִיִים: שמַעְיָה דער זון פון חַשוּב דעם זון פון עזריקָם, דעם זון פון חֲשַׁביָהן, פון די קינדער פון מרָרי; 15 און בַּקבַּקַר, חֶרֶש, און גָלָל, און מַתַּנְיָה דער זון פון מיכָא דעם זון פון זִכרי, דעם זון פון אָסָפן; 16 און עוֹבַדיָה דער זון פון שמַעְיָה דעם זון פון גָלָל, דעם זון פון ידוּתוּנען, און בֶּרֶכיָה דער זון פון אָסָא דעם זון פון אֶלקָנָהן, וואָס איז געזעסן אין די דערפער פון די נטוֹפָתים.

17 און די טויערלײַט זײַנען געווען: שַלוּם, און עַקוּב, און טַלמוֹן, און אַחימָן; און זײַער ברודער שַלוּם איז געווען דער הויפּט. 18 און נאָך ביז אַהער זײַנען זיי אין דעם מלכס טויער צו מזרח; זיי זײַנען די טויערלײַט פאַר די לאַגערס פון די קינדער פון לֵוִי. 19 און שַלוּם דער זון פון קוֹרֵא דעם זון פון אֶבְיָסָף, דעם זון פון קֹרַחן, און זײַנע ברידער פון זײַן פּאָטערס הויז, די קָרחים, זײַנען געווען איבער דער דינסטאַרבעט, די שוועלהיטער פון דעם געצעלט, אַזוי ווי זײַערע עלטערן זײַנען געווען איבער דעם לאַגער פון גאָט, די היטער פון דעם אײַנגאַנג. 20 און פינחס דער זון פון אֶלעָזָרן איז געווען דער פירשט איבער זיי אַמאָל; גאָט איז מיט אים געווען. 21 זכַריָה דער זון פון משֶׁלֶמיָהן איז געווען דער טויערמאַן בײַם אײַנגאַנג פון אוהל-מועד. 22 זיי אַלע, די אויסגעקליבענע פאַר טויערלײַט בײַ די שוועלן, צוויי הונדערט און צוועלף. זיי זײַנען געווען פאַרצײַכנט לויט זײַערע דערפער; זיי האָט דוד און שמואל דער זעער געשטעלט אויף זײַער אַמט. 23 און זיי און זײַערע קינדער זײַנען געווען איבער די טויערן פון דעם הויז פון גאָט, פון דעם הויז פון געצעלט, פאַר וואַכן. 24 אין פיר זײַטן זײַנען געווען די טויערלײַט: אין מזרח, אין מערב, אין צפון, און אין דָרום. 25 און זײַערע ברידער אין זײַערע דערפער האָבן געדאַרפט קומען אויף זיבן טעג, פון צײַט צו צײַט, צו זײַן מיט די־אָזיקע; 26 וואָרום אויף שטענדיק זײַנען געווען נאָר די פיר הויפּטטויערלײַט.

דאָס זײַנען געווען די לוִיִים.

אויך זיינען זיי געווען איבער די קאַמערן, און איבער
די אוצרות פון גאָטס הויז. 27 און זיי האָבן גענעכטיקט
אַרום דעם הויז פון גאָט, ווייל אויף זיי איז געווען די היטונג,
און זיי זיינען געווען איבער דעם עפענען, מאָרגן פאַר
מאָרגן. 28 און טייל פון זיי זיינען געווען איבער די כלים
פון דינסט, וואָרום מיט אַ צאָל האָט מען זיי אַריינגע־
בראַכט, און מיט אַ צאָל האָט מען זיי אַרויסגענומען.
29 און טייל פון זיי זיינען געווען געשטעלט איבער די זאַכן,
און איבער אַלע הייליקע כלים, און איבער דעם זעמל־
מעל, און דעם וויין, און דעם אייל, און דעם ווייערויך, און
די בשׂמים. 30 און טייל פון די זין פון די כהנים האָבן צו־
באַרייט די צובאַרייטונג פון די בשׂמים. 31 און מַתִּתְיָה
פון די לוִיִים, וואָס איז געווען דער בכור פון שַׁלוּם דעם
קָרחי, האָט געהאַט דעם אַמט איבער די פאַנגעבעקסן.
32 און טייל פון די קינדער פון די קְהָתים, פון זייערע ברי־
דער, זיינען געווען איבערן אויסגעלייגטן ברויט, דאָס
צוצוגרייטן שבת אין שבת.

33 און דאָס זיינען געווען די זינגערס, הויפּטן פון
פאָטערהייזער פון די לוִיִים, אין די קאַמערן, פּטור [פון
אַנדערן דינסט] ווייל טאָג און נאַכט איז אויף זיי געווען
די אַרבעט. 34 די דאָזיקע זיינען געווען הויפּטן פון די
פאָטערהייזער פון די לוִיִים — לויט זייערע געבורטן,
הויפּטן. די דאָזיקע זיינען געזעסן אין ירושָׁלַיִם.

35 און אין גִבְעוֹן זיינען געזעסן: דער פאָטער פון
גִבְעוֹן, יעִיאֵל, וואָס דער נאָמען פון זיין ווייב איז געווען
מַעֲכָה; 36 און זיין זון דער בכור, עַבדוֹן, און צוּר, און קיש, און בַּעַל, און נֵר, און נָדָב; 37 און גדוֹר, און אַחיוֹ, און
זכַריָה, און מִקלוֹת. 38 און מִקלוֹת האָט געבאָרן שִׁמאָמען. און זיי אויך זיינען געזעסן מיט זייערע ברידער אין
ירושָׁלַיִם, אַקעגן זייערע ברידער.

39 און נֵר האָט געבאָרן קישן; און קיש האָט געבאָרן שָׁאולן; און שָׁאול האָט געבאָרן יוֹנָתָנען, און מַלכּי־שוּעַן,
און אַבינָדָבן, און אֶשבַּעַלן. 40 און יוֹנָתָנס זון איז געווען מְריב־בַּעַל, און מְריב־בַּעַל האָט געבאָרן מִיכָהן. 41 און די
זין פון מִיכָהן זיינען געווען: פּיתוֹן, און מֶלֶך, און תַּחרֵעַ, [און אָחָז]. 42 און אָחָז האָט געבאָרן יַערָהן; און יַערָה האָט
געבאָרן עָלֶמֶתן, און עַזמָוֶתן, און זִמרין; און זִמרי האָט געבאָרן מוֹצָאן. 43 און מוֹצָא האָט געבאָרן בִּנעָאן; און זיין
זון איז געווען רפָיָה, זיין זון אֶלעָשָׂה, זיין זון אָצֵל. 44 און אָצֵל האָט געהאַט זעקס זין, און דאָס זיינען זייערע נעמען:
עַזריקָם, בּוֹכרו, און יִשמָעֵאל, און שעַריָה, און עוֹבַדיָה, און חָנָן. דאָס זיינען די זין פון אָצֵלן.

י 1 און די פּלשתּים האָבן מלחמה געהאַלטן מיט ישׂראל, און די מענער פון ישׂראל זיינען אַנטלאָפן פאַר די

א זע ח, 35.

כז וְהָיוּ עַל־הַלְּשָׁכוֹת וְעַל־הָאֹצְרוֹת בֵּית הָאֱלֹהִים׃ וּסְבִיבוֹת
בֵּית־הָאֱלֹהִים יָלִינוּ כִּי־עֲלֵיהֶם מִשְׁמֶרֶת וְהֵם עַל־הַמַּפְתֵּחַ
כח וְלַבֹּקֶר לַבֹּקֶר׃ וּמֵהֶם עַל־כְּלֵי הָעֲבוֹדָה כִּי־בְמִסְפָּר
כט יְבִיאוּם וּבְמִסְפָּר יוֹצִיאוּם׃ וּמֵהֶם מְמֻנִּים עַל־הַכֵּלִים
וְעַל כָּל־כְּלֵי הַקֹּדֶשׁ וְעַל־הַסֹּלֶת וְהַיַּיִן וְהַשֶּׁמֶן וְהַלְּבוֹנָה
ל וְהַבְּשָׂמִים׃ וּמִן־בְּנֵי הַכֹּהֲנִים רֹקְחֵי הַמִּרְקַחַת לַבְּשָׂמִים׃
לא וּמַתִּתְיָה מִן־הַלְוִיִּם הוּא הַבְּכוֹר לְשַׁלֻּם הַקָּרְחִי בֶּאֱמוּנָה
לב עַל מַעֲשֵׂה הַחֲבִתִּים׃ וּמִן־בְּנֵי הַקְּהָתִי מִן־אֲחֵיהֶם עַל־
לג לֶחֶם הַמַּעֲרָכֶת לְהָכִין שַׁבַּת שַׁבָּת׃ וְאֵלֶּה
הַמְשֹׁרְרִים רָאשֵׁי אָבוֹת לַלְוִיִּם בַּלְּשָׁכֹת פְּטוּרִים כִּי־יוֹמָם
לד וָלַיְלָה עֲלֵיהֶם בַּמְּלָאכָה׃ אֵלֶּה רָאשֵׁי הָאָבוֹת לַלְוִיִּם
לה לְתֹלְדוֹתָם רָאשִׁים אֵלֶּה יָשְׁבוּ בִירוּשָׁלָםִ׃ וּבְגִבְעוֹן
לו יָשְׁבוּ אֲבִי־גִבְעוֹן יְעוּאֵל וְשֵׁם אִשְׁתּוֹ מַעֲכָה׃ וּבְנוֹ הַבְּכוֹר
לז עַבְדּוֹן וְצוּר וְקִישׁ וּבַעַל וְנֵר וְנָדָב׃ וּגְדוֹר וְאַחְיוֹ וּזְכַרְיָה
לח וּמִקְלוֹת׃ וּמִקְלוֹת הוֹלִיד אֶת־שִׁמְאָם וְאַף־הֵם נֶגֶד
לט אֲחֵיהֶם יָשְׁבוּ בִירוּשָׁלַםִ עִם־אֲחֵיהֶם׃ וְנֵר הוֹלִיד
אֶת־קִישׁ וְקִישׁ הוֹלִיד אֶת־שָׁאוּל וְשָׁאוּל הוֹלִיד אֶת־
מ יְהוֹנָתָן וְאֶת־מַלְכִּי־שׁוּעַ וְאֶת־אֲבִינָדָב וְאֶת־אֶשְׁבָּעַל׃ וּבֶן־
מא יְהוֹנָתָן מְרִיב בָּעַל וּמְרִי־בַעַל הוֹלִיד אֶת־מִיכָה׃ וּבְנֵי
מב מִיכָה פִּיתֹן וָמֶלֶךְ וְתַחְרֵעַ׃ וְאָחָז הוֹלִיד אֶת־יַעְרָה וְיַעְרָה
הוֹלִיד אֶת־עָלֶמֶת וְאֶת־עַזְמָוֶת וְאֶת־זִמְרִי וְזִמְרִי הוֹלִיד
מג אֶת־מוֹצָא׃ וּמוֹצָא הוֹלִיד אֶת־בִּנְעָא וּרְפָיָה בְנוֹ אֶלְעָשָׂה
מד בְנוֹ אָצֵל בְּנוֹ׃ וּלְאָצֵל שִׁשָּׁה בָנִים וְאֵלֶּה שְׁמוֹתָם
עַזְרִיקָם ׀ בֹּכְרוּ וְיִשְׁמָעֵאל וּשְׁעַרְיָה וְעֹבַדְיָה וְחָנָן אֵלֶּה
בְּנֵי אָצַל׃

י

א וּפְלִשְׁתִּים נִלְחֲמוּ בְיִשְׂרָאֵל וַיָּנָס אִישׁ־יִשְׂרָאֵל מִפְּנֵי

ט, לב׳ רבי בפתח   לג׳ פטירים קרי   לה׳ יעיאל קרי   מד׳ פתח בס״פ

פְּלִשְׁתִּים וַיִּפְּלוּ חֲלָלִים בְּהַר גִּלְבֹּעַ׃ וַיַּדְבְּקוּ פְלִשְׁתִּים ב
אַחֲרֵי שָׁאוּל וְאַחֲרֵי בָנָיו וַיַּכּוּ פְלִשְׁתִּים אֶת־יוֹנָתָן וְאֶת־
אֲבִינָדָב וְאֶת־מַלְכִּי־שׁוּעַ בְּנֵי שָׁאוּל׃ וַתִּכְבַּד הַמִּלְחָמָה ג
עַל־שָׁאוּל וַיִּמְצָאֻהוּ הַמּוֹרִים בַּקֶּשֶׁת וַיָּחֶל מִן־הַיּוֹרִים׃
וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־נֹשֵׂא כֵלָיו שְׁלֹף חַרְבְּךָ ׀ וְדָקְרֵנִי בָהּ ד
פֶּן־יָבֹאוּ הָעֲרֵלִים הָאֵלֶּה וְהִתְעַלְּלוּ־בִי וְלֹא אָבָה נֹשֵׂא
כֵלָיו כִּי יָרֵא מְאֹד וַיִּקַּח שָׁאוּל אֶת־הַחֶרֶב וַיִּפֹּל עָלֶיהָ׃
וַיַּרְא נֹשֵׂא־כֵלָיו כִּי מֵת שָׁאוּל וַיִּפֹּל גַּם־הוּא עַל־הַחֶרֶב ה
וַיָּמֹת׃ וַיָּמָת שָׁאוּל וּשְׁלֹשֶׁת בָּנָיו וְכָל־בֵּיתוֹ יַחְדָּו מֵתוּ׃ ו
וַיִּרְאוּ כָּל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־בָּעֵמֶק כִּי נָסוּ וְכִי־מֵתוּ ז
שָׁאוּל וּבָנָיו וַיַּעַזְבוּ עָרֵיהֶם וַיָּנֻסוּ וַיָּבֹאוּ פְלִשְׁתִּים וַיֵּשְׁבוּ
בָּהֶם׃ וַיְהִי מִמָּחֳרָת וַיָּבֹאוּ פְלִשְׁתִּים לְפַשֵּׁט אֶת־ ח
הַחֲלָלִים וַיִּמְצְאוּ אֶת־שָׁאוּל וְאֶת־בָּנָיו נֹפְלִים בְּהַר גִּלְבֹּעַ׃
וַיַּפְשִׁיטֻהוּ וַיִּשְׂאוּ אֶת־רֹאשׁוֹ וְאֶת־כֵּלָיו וַיְשַׁלְּחוּ בְאֶרֶץ־ ט
פְּלִשְׁתִּים סָבִיב לְבַשֵּׂר אֶת־עֲצַבֵּיהֶם וְאֶת־הָעָם׃ וַיָּשִׂימוּ י
אֶת־כֵּלָיו בֵּית אֱלֹהֵיהֶם וְאֶת־גֻּלְגָּלְתּוֹ תָקְעוּ בֵית דָּגוֹן׃
וַיִּשְׁמְעוּ כֹּל יָבֵישׁ גִּלְעָד אֵת כָּל־אֲשֶׁר־עָשׂוּ פְלִשְׁתִּים יא
לְשָׁאוּל׃ וַיָּקוּמוּ כָּל־אִישׁ חַיִל וַיִּשְׂאוּ אֶת־גּוּפַת שָׁאוּל וְאֵת יב
גּוּפֹת בָּנָיו וַיְבִיאוּם יָבֵישָׁה וַיִּקְבְּרוּ אֶת־עַצְמוֹתֵיהֶם תַּחַת
הָאֵלָה בְּיָבֵשׁ וַיָּצוּמוּ שִׁבְעַת יָמִים׃ וַיָּמָת שָׁאוּל בְּמַעֲלוֹ יג
אֲשֶׁר־מָעַל בַּיהוָה עַל־דְּבַר יְהוָה אֲשֶׁר לֹא־שָׁמָר וְגַם־
לִשְׁאוֹל בָּאוֹב לִדְרוֹשׁ׃ וְלֹא־דָרַשׁ בַּיהוָה וַיְמִיתֵהוּ וַיַּסֵּב יד
אֶת־הַמְּלוּכָה לְדָוִיד בֶּן־יִשָׁי׃

## יא

וַיִּקָּבְצוּ כָל־יִשְׂרָאֵל אֶל־דָּוִיד חֶבְרוֹנָה לֵאמֹר הִנֵּה עַצְמְךָ א
וּבְשָׂרְךָ אֲנָחְנוּ׃ גַּם־תְּמוֹל גַּם־שִׁלְשׁוֹם גַּם בִּהְיוֹת שָׁאוּל ב
מֶלֶךְ אַתָּה הַמּוֹצִיא וְהַמֵּבִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ לְךָ אַתָּה תִרְעֶה אֶת־עַמִּי אֶת־יִשְׂרָאֵל וְאַתָּה תִּהְיֶה

פלִשתּים, און ווי זיינען געפאַלן דערשלאָגענע אויפן באַרג גלבּוֹע. [2] און די פלִשתּים האָבן נאָכגעיאָגט שָאולן און זיינע זין, און די פלִשתּים האָבן דערשלאָגן יוֹנָתָן, און אַבינָדָב, און מַלכּי־שוּע, די זין פון שָאולן. [3] און די מלחמה איז געווען שווער אַקעגן שָאולן, און די בויגנשיסערס האָבן אים געפונען, און ער האָט געציטערט פאַר די שיסערס. [4] און שָאול האָט געזאָגט צו זיין וואַפנטרעגער: ציִ אַרויס דיין שווערד, און דערשטעך מיך מיט איר, אַז די דאָזיקע אומבאַשניטענע זאָלן ניט קומען, און מאַכן געשפּעט איבער מיר. אָבער זיין וואַפנטרעגער האָט ניט געוואָלט, וואָרום ער האָט זייער מורא געהאַט. האָט שָאול גענומען די שווערד, און איז אַרויפגעפאַלן אויף איר. [5] און ווי זיין וואַפנטרעגער האָט געזען, אַז שָאול איז געשטאָרבן, איז ער אויך אַרויפגעפאַלן אויף זיין שווערד, און איז געשטאָרבן. [6] אַזוי איז געשטאָרבן שָאול; און זיינע דריי זין און זיין גאַנץ הויזגעזינט אין איינעם זיינען געשטאָרבן.

[7] און ווי אַלע מענער פון ישׂראל וואָס אין טאָל האָבן געזען, אַז יענע זיינען אַנטלאָפן, און אַז שָאול און זיינע זין זיינען טויט, אַזוי האָבן זיי פאַרלאָזן זייערע שטעט, און זיינען אַנטלאָפן. און די פלִשתּים זיינען געקומען, און האָבן זיך אין זיי באַזעצט.

[8] און עס איז געווען אויף מאָרגן, זיינען די פלִשתּים געקומען אויסטאָן די דערשלאָגענע, און זיי האָבן געפונען שָאולן און זיינע דריי זין, געפאַלן אויפן באַרג גלבּוֹע. [9] האָבן זיי אים אויסגעטאָן, און האָבן גענומען זיין קאָפּ, און זיינע וואַפן, און געשיקט אין לאַנד פון די פלִשתּים רונד אַרום, צו ברענגען די בשׂורה צו זייערע געצנבילדער און צום פאָלק. [10] און זיי האָבן אַוועקגעלייגט זיינע וואַפן אין הויז פון זייערע געטער, און זיין שאַרבן האָבן זיי אויפגעשטאָכן אין הויז פון דָגוֹן.

[11] און גאַנץ יָבֵיש־גלעָד האָט געהערט אַלץ וואָס די פלִשתּים האָבן געטאָן צו שָאולן, [12] און אַלע העלדישע לייט זיינען אויפגעשטאַנען, און זיי האָבן גענומען דעם לייב פון שָאולן, און די לייבער פון זיינע זין, און זיי געבראַכט קיין יָבֵיש; און זיי האָבן באַגראָבן זייערע ביינער אונטער דעם אייכנבוים אין יָבֵיש; און זיי האָבן געפאַסט זיבן טעג.

[13] און שָאול איז געשטאָרבן פאַר זיין פעלשונג וואָס ער האָט געפעלשט אָן גאָט פון וועגן דעם וואָרט פון גאָט וואָס ער האָט ניט געהיט, און אויך פאַרוואָס שָאול האָט געפרעגט ביי אַ גייסט צו פאָרשן ביי אים, [14] און ניט גע־פרעגט ביי גאָט; דרום האָט ער אים געטייט, און האָט אָפּגעקערט די מלוכה צו דוד דעם זון פון ישַין.

## יא

[1] און גאַנץ ישׂראל האָבן זיך אַיינגעזאַמלט צו דודן קיין חֶברוֹן, אַזוי צו זאָגן: דיין ביין און דיין פלייש זיינען מיר דאָך. [2] נאָך פון נעכטן און אייערנעכטן, נאָך ווען שָאול איז געווען אַ מלך, ביסטו געווען דער וואָס האָט אַרויסגעפירט און אַריינגעפירט ישׂראל. און יהוה דיין גאָט האָט צו דיר געזאָגט: דו זאָלסט פיטערן מיין פאָלק

ישׂראל, און דו זאָלסט זיין אַ פירשט איבער מיין פאָלק
ישׂראל.

3 און אַלע עלטסטע פון ישׂראל זיינען געקומען צום
מלך קיין חֶברוֹן, און דוד האָט זיי געשלאָסן אַ בונד אין
חֶברוֹן פאַר גאָט, און זיי האָבן געזאַלבט דודן פאַר אַ מלך
איבער ישׂראל, אַזוי ווי גאָטס וואָרט דורך שמואלן.

4 און דוד און גאַנץ ישׂראל זיינען געגאַנגען קיין
ירושָלַיִם, דאָס איז יבוס; און דאָרטן זיינען געווען די
יבוסים, די באַוווינער פון לאַנד. 5 האָבן די באַוווינער
פון יבוס געזאָגט צו דודן: ווּעסט אַהער ניט קומען. אָבער
דוד האָט באַצוווּנגען די פעסטונג פון צִיוֹן, דאָס איז דודס־
שטאָט. 6 און דוד האָט געזאָגט: ווער נאָר עס וועט צו־
ערשט שלאָגן דעם יבוסי זאָל ווערן פאַר אַ הויפּטמאַן און
פאַר אַ האַר. איז יוֹאָב דער זון פון צרויָהן אַרויפגעגאַנגען
צום ערשטן, און ער איז געוואָרן פאַר אַ הויפּטמאַן. 7 און
דוד האָט זיך באַזעצט אין דער פעסטונג, דרום האָט מען
זי גערופן דודס־שטאָט. 8 און ער האָט פאַרבויט די שטאָט
רונד אַרום, פון מִלוֹא ביז רונד אַרום. און יוֹאָב האָט פאַר־
ריכט דעם רעשט פון דער שטאָט. 9 און דוד איז געוואָרן
אַלץ גרעסער, און גאָט פון צבָאוֹת איז געווען מיט אים.

10 און דאָס זיינען די הויפּט־גיבּוֹרים וואָס דוד האָט
געהאַט, די וואָס האָבן פעסט געהאַלטן מיט אים אין זיין
מלוכה, אינאיינעם מיט גאַנץ ישׂראל, אים צו מאַכן פאַר
אַ מלך, אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט צו ישׂראל. 11 און
דאָס איז די צאָל פון די גיבּוֹרים וואָס דוד האָט געהאַט: יָשָׁבעָם דער זון פון חַכמוֹנין, דער הויפּטמאַן פון די
עלצטע; ער האָט אויפגעהויבן זיין שפּיז אויף דריי הונדערט, און זיי דערשלאָגן אויף איין מאָל. 12 און נאָך אים,
אֶלעָזָר דער זון פון דוֹדוֹן, פון אַחוֹחַ; ער איז געווען פון די דריי גיבּוֹרים. 13 ער איז געווען מיט דודן אין פַּס־דַמִים,
ווען די פּלִשתּים האָבן זיך דאָרטן אײַנגעזאַמלט אויף מלחמה; און דאָרטן איז געווען אַ שטיק פעלד פול מיט
גערשטן; און דאָס פאָלק איז אַנטלאָפן פאַר די פּלִשתּים. 14 האָבן זיי זיך געשטעלט אין מיטן פון דעם שטיק לאַנד,
און האָבן עס מציל געווען; און זיי האָבן געשלאָגן די פּלִשתּים, און גאָט האָט זיי געהאָלפן אַ גרויס הילף.

15 און דריי פון די דרייסיק הויפּטלייט האָבן אַראָפּגענידערט צום פעלז צו דודן אין דער הייל פון עֲדוּלָם;
און די מחנה פון די פּלִשתּים האָט געלאַגערט אין טאָל רפָאִים. 16 און דוד איז דענסמאָל געווען אין דער פעסטונג,
און די וואַך פון די פּלִשתּים איז דענסמאָל געווען אין בֵּית־לֶחֶם. 17 האָט דוד געגלוסט, און ער האָט געזאָגט: ווען
עמיצער גיט מיר טרינקען וואַסער פון דעם ברונעם פון בֵּית־לֶחֶם וואָס אין טויער! 18 האָבן די דריי דורכגע־
בראָכן אין לאַגער פון די פּלִשתּים, און האָבן אָנגעשעפּט וואַסער פון דעם ברונעם פון בֵּית־לֶחֶם וואָס אין טויער,
און גענומען און געבראַכט צו דודן. אָבער דוד האָט עס ניט געוואָלט טרינקען, און האָט עס אויסגעגאָסן

ג נְגִיד עַל עַמִּי יִשְׂרָאֵל׃ וַיָּבֹאוּ כָּל־זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־הַמֶּלֶךְ
חֶבְרוֹנָה וַיִּכְרֹת לָהֶם דָּוִיד בְּרִית בְּחֶבְרוֹן לִפְנֵי יְהוָה
וַיִּמְשְׁחוּ אֶת־דָּוִיד לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל כִּדְבַר יְהוָה בְּיַד־
ד שְׁמוּאֵל׃ וַיֵּלֶךְ דָּוִיד וְכָל־יִשְׂרָאֵל יְרוּשָׁלִַם הִיא יְבוּס
ה וְשָׁם הַיְבוּסִי יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ׃ וַיֹּאמְרוּ יֹשְׁבֵי יְבוּס לְדָוִיד
לֹא תָבוֹא הֵנָּה וַיִּלְכֹּד דָּוִיד אֶת־מְצֻדַת צִיּוֹן הִיא עִיר
ו דָּוִיד׃ וַיֹּאמֶר דָּוִיד כָּל־מַכֵּה יְבוּסִי בָּרִאשֹׁנָה יִהְיֶה
לְרֹאשׁ וּלְשָׂר וַיַּעַל בָּרִאשׁוֹנָה יוֹאָב בֶּן־צְרוּיָה וַיְהִי לְרֹאשׁ׃
ז ח וַיֵּשֶׁב דָּוִיד בַּמְצָד עַל־כֵּן קָרְאוּ־לוֹ עִיר דָּוִיד׃ וַיִּבֶן הָעִיר
מִסָּבִיב מִן־הַמִּלּוֹא וְעַד־הַסָּבִיב וְיוֹאָב יְחַיֶּה אֶת־שְׁאָר
ט הָעִיר׃ וַיֵּלֶךְ דָּוִיד הָלוֹךְ וְגָדוֹל וַיהוָה צְבָאוֹת עִמּוֹ׃
י וְאֵלֶּה רָאשֵׁי הַגִּבּוֹרִים אֲשֶׁר לְדָוִיד הַמִּתְחַזְּקִים עִמּוֹ
בְמַלְכוּתוֹ עִם־כָּל־יִשְׂרָאֵל לְהַמְלִיכוֹ כִּדְבַר יְהוָה עַל־
יא יִשְׂרָאֵל׃ וְאֵלֶּה מִסְפַּר הַגִּבֹּרִים אֲשֶׁר לְדָוִיד יָשָׁבְעָם בֶּן־
חַכְמוֹנִי רֹאשׁ הַשָּׁלוֹשִׁים הוּא עוֹרֵר אֶת־חֲנִיתוֹ עַל־שְׁלֹשׁ־
יב מֵאוֹת חָלָל בְּפַעַם אֶחָת׃ וְאַחֲרָיו אֶלְעָזָר בֶּן־דּוֹדוֹ הָאֲחוֹחִי
יג הוּא בִּשְׁלוֹשָׁה הַגִּבֹּרִים׃ הוּא־הָיָה עִם־דָּוִיד בַּפַּס דַּמִּים
וְהַפְּלִשְׁתִּים נֶאֶסְפוּ־שָׁם לַמִּלְחָמָה וַתְּהִי חֶלְקַת הַשָּׂדֶה
יד מְלֵאָה שְׂעוֹרִים וְהָעָם נָסוּ מִפְּנֵי פְלִשְׁתִּים׃ וַיִּתְיַצְּבוּ
בְתוֹךְ־הַחֶלְקָה וַיַּצִּילוּהָ וַיַּכּוּ אֶת־פְּלִשְׁתִּים וַיּוֹשַׁע יְהוָה
טו תְּשׁוּעָה גְדוֹלָה׃ וַיֵּרְדוּ שְׁלוֹשָׁה מִן־הַשְּׁלוֹשִׁים רֹאשׁ עַל־
הַצֻּר אֶל־דָּוִיד אֶל־מְעָרַת עֲדֻלָּם וּמַחֲנֵה פְלִשְׁתִּים חֹנָה
טז בְּעֵמֶק רְפָאִים׃ וְדָוִיד אָז בַּמְּצוּדָה וּנְצִיב פְּלִשְׁתִּים אָז
יז בְּבֵית לָחֶם׃ וַיִּתְאָו דָּוִיד וַיֹּאמַר מִי יַשְׁקֵנִי מַיִם מִבּוֹר
יח בֵּית־לֶחֶם אֲשֶׁר בַּשָּׁעַר׃ וַיִּבְקְעוּ הַשְּׁלֹשָׁה בְּמַחֲנֵה
פְלִשְׁתִּים וַיִּשְׁאֲבוּ־מַיִם מִבּוֹר בֵּית־לֶחֶם אֲשֶׁר בַּשַּׁעַר
וַיִּשְׂאוּ וַיָּבִאוּ אֶל־דָּוִיד וְלֹא־אָבָה דָוִיד לִשְׁתּוֹתָם וַיְנַסֵּךְ

יא׳ השלישים קרי

אֹתָם לְדָוִיד׃ וַיֹּאמֶר חָלִילָה לִּי מֵאֱלֹהַי מֵעֲשׂוֹת זֹאת יט
הֲדַם הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה אֶשְׁתֶּה בְנַפְשׁוֹתָם כִּי בְנַפְשׁוֹתָם
הֱבִיאוּם וְלֹא אָבָה לִשְׁתּוֹתָם אֵלֶּה עָשׂוּ שְׁלֹשֶׁת הַגִּבּוֹרִים׃
וְאַבְשַׁי אֲחִי יוֹאָב הוּא הָיָה רֹאשׁ הַשְּׁלוֹשָׁה וְהוּא עוֹרֵר כ
אֶת־חֲנִיתוֹ עַל־שְׁלֹשׁ מֵאוֹת חָלָל וְלֹא־שֵׁם בַּשְּׁלוֹשָׁה׃
מִן־הַשְּׁלוֹשָׁה בַשְּׁנַיִם נִכְבָּד וַיְהִי לָהֶם לְשָׂר וְעַד־הַשְּׁלוֹשָׁה כא
לֹא בָא׃ בְּנָיָה בֶן־יְהוֹיָדָע בֶּן־אִישׁ־חַיִל רַב־פְּעָלִים מִן־ כב
קַבְצְאֵל הוּא הִכָּה אֵת שְׁנֵי אֲרִיאֵל מוֹאָב וְהוּא יָרַד וְהִכָּה
אֶת־הָאֲרִי בְּתוֹךְ הַבּוֹר בְּיוֹם הַשָּׁלֶג׃ וְהוּא הִכָּה אֶת־ כג
הָאִישׁ הַמִּצְרִי אִישׁ מִדָּה ׀ חָמֵשׁ בָּאַמָּה וּבְיַד הַמִּצְרִי
חֲנִית כִּמְנוֹר אֹרְגִים וַיֵּרֶד אֵלָיו בַּשָּׁבֶט וַיִּגְזֹל אֶת־הַחֲנִית
מִיַּד הַמִּצְרִי וַיַּהַרְגֵהוּ בַּחֲנִיתוֹ׃ אֵלֶּה עָשָׂה בְּנָיָהוּ בֶּן־ כד
יְהוֹיָדָע וְלוֹ־שֵׁם בִּשְׁלוֹשָׁה הַגִּבֹּרִים׃ מִן־הַשְּׁלוֹשִׁים הִנּוֹ כה
נִכְבָּד הוּא וְאֶל־הַשְּׁלֹשָׁה לֹא־בָא וַיְשִׂימֵהוּ דָוִיד עַל־
מִשְׁמַעְתּוֹ׃ וְגִבּוֹרֵי הַחֲיָלִים עֲשָׂהאֵל אֲחִי יוֹאָב אֶלְחָנָן כו
בֶּן־דּוֹדוֹ מִבֵּית לָחֶם׃ שַׁמּוֹת הַהֲרוֹרִי חֶלֶץ הַפְּלוֹנִי׃ כז
עִירָא בֶן־עִקֵּשׁ הַתְּקוֹעִי אֲבִיעֶזֶר הָעַנְּתוֹתִי׃ סִבְּכַי הַחֻשָׁתִי כח כט
עִילַי הָאֲחוֹחִי׃ מַהְרַי הַנְּטֹפָתִי חֵלֶד בֶּן־בַּעֲנָה הַנְּטוֹפָתִי׃ ל
אִיתַי בֶּן־רִיבַי מִגִּבְעַת בְּנֵי בִנְיָמִן בְּנָיָה הַפִּרְעָתֹנִי׃ חוּרַי לא לב
מִנַּחֲלֵי גָעַשׁ אֲבִיאֵל הָעַרְבָתִי׃ עַזְמָוֶת הַבַּחֲרוּמִי אֶלְיַחְבָּא לג
הַשַּׁעַלְבֹנִי׃ בְּנֵי הָשֵׁם הַגִּזוֹנִי יוֹנָתָן בֶּן־שָׁגֵה הַהֲרָרִי׃ לד
אֲחִיאָם בֶּן־שָׂכָר הַהֲרָרִי אֱלִיפַל בֶּן־אוּר׃ חֵפֶר הַמְּכֵרָתִי לה לו
אֲחִיָּה הַפְּלֹנִי׃ חֶצְרוֹ הַכַּרְמְלִי נַעֲרַי בֶּן־אֶזְבָּי׃ יוֹאֵל אֲחִי לז לח
נָתָן מִבְחָר בֶּן־הַגְרִי׃ צֶלֶק הָעַמּוֹנִי נַחְרַי הַבֵּרֹתִי נֹשֵׂא לט
כְּלֵי יוֹאָב בֶּן־צְרוּיָה׃ עִירָא הַיִּתְרִי גָּרֵב הַיִּתְרִי׃ אוּרִיָּה מ מא
הַחִתִּי זָבָד בֶּן־אַחְלָי׃ עֲדִינָא בֶן־שִׁיזָא הָראוּבֵנִי רֹאשׁ מב
לָראוּבֵנִי וְעָלָיו שְׁלוֹשִׁים׃ חָנָן בֶּן־מַעֲכָה וְיוֹשָׁפָט הַמִּתְנִי׃ מג

---

כ׳ ולא קרי  כז׳ ל׳ ס״א חָ׳  לב׳ קמץ בז״ק

פאַר גאָט. [19] און ער האָט געזאָגט: באַהיט מיך מיין גאָט פון דאָס צו טאָן! דאָס בלוט פון דידאָזיקע מענטשן מיט זייער לעבן זאָל איך טרינקען? וואָרום מיט דער סכּנה פון זייער לעבן האָבן זיי עס געבראַכט. און ער האָט עס ניט געוואָלט טרינקען.

דאָס האָבן געטאָן די דריי גיבורים.

[20] און אַבשַי דער ברודער פון יואָבן, ער איז געווען דער הויפּט פון די דריי; און ער האָט אויפגעהויבן זיין שפּיז אויף דריי הונדערט, און זיי דערשלאָגן; און ער האָט געהאַט אַ שם צווישן די דריי. [21] פון די צווייטע דריי איז ער געווען דער אָנגעזעענסטער, און ער איז געווען זייער עלטסטער, אָבער צו די [ערשטע] דריי איז ער ניט געקומען.

[22] בְּנָיָה דער זון פון יהוֹיָדען, דער זון פון אַ העלדישן מאַן פון פיל אויפטוען, פון קַבצְאֵל, ער האָט געשלאָגן די צוויי מזבחות פון מואָב, און ער האָט אַראָפּגענידערט, און האָט דערשלאָגן אַ לייב אין אַ גרוב אין אַ טאָג פון שניי. [23] און ער האָט דערשלאָגן אַ מִצרישן מאַן, אַ מאַן פון אַ גרויסן וווּקס, פינף איילן [די הייך]; און אין דעם מִצריס האַנט איז געווען אַ שפּיז אַזוי ווי דער שטאַנג פון וועבער, און ער האָט אַראָפּגענידערט צו אים מיט אַ רוט; האָט ער אַרויסגעריסן דעם שפּיז פון דעם מִצריס האַנט, און האָט אים געהרגעט מיט זיין אייגענעם שפּיז.

[24] דאָס האָט געטאָן בְּנָיָהו דער זון פון יהוֹיָדען, און ער האָט געהאַט אַ שם צווישן די דריי גיבורים. [25] ער איז געווען מער אָנגעזעען פון די דרייסיק, אָבער צו די [ערשטע] דריי איז ער ניט געקומען. און דוד האָט אים אויפגעזעצט איבער זיין לייַבוואַך.

[26] און די העלדישע גיבורים זיינען געווען: עֲשָׂהאֵל דער ברודער פון יואָבן; אֶלחָנָן דער זון פון דודון פון בֵּית־לֶחֶם; [27] שַׁמּוֹת פון הַרוֹר; חֶלֶץ פון פּלוֹן; [28] עִירָא דער זון פון עִקֵשן פון תּקוֹעַ; אַביעֶזֶר פון עֲנָתוֹת; [29] סִבְּכַי פון חושָה; עִילַי פון אַחוֹחַ; [30] מַהרַי פון נטוֹפָה; חֵלֶד דער זון פון בַּעֲנָהן פון נטוֹפָה; [31] אִיתַי דער זון פון ריבַין פון גִבעָה פון די קינדער פון בנימין; בְּנָיָה פון פִּרעָתוֹן; [32] חורַי פון נַחֲלֵי־גַעַש; אַביאֵל פון עַרָבָה; [33] עַזמָוֶת פון בַּחרוּם; אֶליַחבָּא פון שַעַלבוֹן; [34] די זין פון הָשֵמען פון גִזוֹן; יוֹנָתָן דער זון פון שָגֵהן פון הָרָר; [35] אַחיאָם דער זון פון שָׂכָרן פון הָרָר; אֶליפָל דער זון פון אורן; [36] חֵפֶר פון מכֵרָה; אַחִיָה פון פּלוֹן; [37] חֶצרוֹ פון כַּרמֶל; נַעֲרַי דער זון פון אֶזבַּין; [38] יוֹאֵל דער ברודער פון נָתָנען; מִבחָר דער זון פון הַגרין; [39] צֶלֶק דער עַמוֹני; נַחרַי פון בֵּרוֹת, דער וואַפנטרעגער פון יוֹאָב דעם זון פון צרוּיָהן; [40] עִירָא פון יֶתֶר; גָרֵב פון יֶתֶר; [41] אוּרִיָה דער חִתּי; זָבָד דער זון פון אַחלַין; [42] עֲדינָא דער זון פון שיזָא דעם ראוּבֵני, אַ הויפּטמאַן פון די ראוּבֵנים, און דרייסיק מיט אים; [43] חָנָן דער זון פון מַעֲכָהן, און יוֹשָפָט פון מֶתֶן;

מד עֻזִּיָּא הָעַשְׁתְּרָתִי שָׁמָע וִיעוּאֵל בְּנֵי חוֹתָם הָעֲרֹעֵרִי׃
מה יְדִיעֲאֵל בֶּן־שִׁמְרִי וְיֹחָא אָחִיו הַתִּיצִי׃ אֱלִיאֵל הַמַּחֲוִים
מו
מז וִירִיבַי וְיוֹשַׁוְיָה בְּנֵי אֶלְנָעַם וְיִתְמָה הַמּוֹאָבִי׃ אֱלִיאֵל וְעוֹבֵד
וְיַעֲשִׂיאֵל הַמְּצֹבָיָה׃

## יב

א וְאֵלֶּה הַבָּאִים אֶל־דָּוִיד לְצִיקְלַג עוֹד עָצוּר מִפְּנֵי שָׁאוּל
ב בֶּן־קִישׁ וְהֵמָּה בַּגִּבּוֹרִים עֹזְרֵי הַמִּלְחָמָה׃ נֹשְׁקֵי קֶשֶׁת
מַיְמִינִים וּמַשְׂמְאִלִים בָּאֲבָנִים וּבַחִצִּים בַּקָּשֶׁת מֵאֲחֵי
ג שָׁאוּל מִבִּנְיָמִן׃ הָרֹאשׁ אֲחִיעֶזֶר וְיוֹאָשׁ בְּנֵי הַשְּׁמָעָה
הַגִּבְעָתִי וִיזוּאֵל וָפֶלֶט בְּנֵי עַזְמָוֶת וּבְרָכָה וְיֵהוּא הָעַנְּתֹתִי׃
ד וְיִשְׁמַעְיָה הַגִּבְעוֹנִי גִּבּוֹר בַּשְּׁלֹשִׁים וְעַל־הַשְּׁלֹשִׁים׃ וְיִרְמְיָה
ה
ו וְיַחֲזִיאֵל וְיוֹחָנָן וְיוֹזָבָד הַגְּדֵרָתִי׃ אֶלְעוּזַי וִירִימוֹת וּבְעַלְיָה
ז וּשְׁמַרְיָהוּ וּשְׁפַטְיָהוּ הַחֲרִיפִי׃ אֶלְקָנָה וְיִשִּׁיָּהוּ וַעֲזַרְאֵל
ח וְיוֹעֶזֶר וְיָשָׁבְעָם הַקָּרְחִים׃ וְיוֹעֵאלָה וּזְבַדְיָה בְּנֵי יְרֹחָם
ט מִן־הַגְּדוֹר׃ וּמִן־הַגָּדִי נִבְדְּלוּ אֶל־דָּוִיד לַמְצַד מִדְבָּרָה
גִּבֹּרֵי הַחַיִל אַנְשֵׁי צָבָא לַמִּלְחָמָה עֹרְכֵי צִנָּה וָרֹמַח וּפְנֵי
י אַרְיֵה פְּנֵיהֶם וְכִצְבָאיִם עַל־הֶהָרִים לְמַהֵר׃ עֵזֶר הָרֹאשׁ
יא עֹבַדְיָה הַשֵּׁנִי אֱלִיאָב הַשְּׁלִשִׁי׃ מִשְׁמַנָּה הָרְבִיעִי יִרְמְיָה
יב
יג הַחֲמִשִׁי׃ עַתַּי הַשִּׁשִּׁי אֱלִיאֵל הַשְּׁבִעִי׃ יוֹחָנָן הַשְּׁמִינִי
יד אֶלְזָבָד הַתְּשִׁיעִי׃ יִרְמְיָהוּ הָעֲשִׂירִי מַכְבַּנַּי עַשְׁתֵּי עָשָׂר׃
טו אֵלֶּה מִבְּנֵי־גָד רָאשֵׁי הַצָּבָא אֶחָד לְמֵאָה הַקָּטָן
טז וְהַגָּדוֹל לְאָלֶף׃ אֵלֶּה הֵם אֲשֶׁר עָבְרוּ אֶת־הַיַּרְדֵּן בַּחֹדֶשׁ
הָרִאשׁוֹן וְהוּא מְמַלֵּא עַל־כָּל־גְּדֹיתָיו וַיַּבְרִיחוּ אֶת־כָּל־
יז הָעֲמָקִים לַמִּזְרָח וְלַמַּעֲרָב׃ וַיָּבֹאוּ מִן־בְּנֵי בִנְיָמִן וִיהוּדָה
יח עַד־לַמְצַד לְדָוִיד׃ וַיֵּצֵא דָוִיד לִפְנֵיהֶם וַיַּעַן וַיֹּאמֶר לָהֶם
אִם־לְשָׁלוֹם בָּאתֶם אֵלַי לְעָזְרֵנִי יִהְיֶה־לִּי עֲלֵיכֶם לֵבָב
לְיָחַד וְאִם־לְרַמּוֹתַנִי לְצָרַי בְּלֹא חָמָס בְּכַפַּי יֵרֶא אֱלֹהֵי

יא, מד׳ ויעיאל קרי   יב, ג׳ ויזאל קרי   ה׳ החחפי קרי   ח׳ ס״א הגדוד
יא׳ בס״א מַשְׁ׳   טז׳ גדותיו קרי

44 עוזיאָ פון עַשתְּרות; שָמָע, און יעִיאֵל, די זין פון חוֹתָמען
פון עֲרוֹעֵר; 45 ידיעֲאֵל דער זון פון שִמרין, און יוֹחאָ זיין
ברודער פון תיץ; 46 אֱליאֵל פון מַחוִים; און ירִיבַי, און
יוֹשַׁוְיָה, די זין פון אֶלְנַעמען; און יִתמָה דער מוֹאָבי;
47 אֶליאֵל, און עוֹבֵד, און יַעֲשִׂיאֵל פון מצוֹבָיָה.

# יב

1 און דאָס זיינען די וואָס זיינען געקומען צו דודן
קיין ציקלַג, בעת ער איז נאָך געווען פאַרשפּאַרט
פון װעגן שָאול דעם זון פון קישן; און זיי זיינען געווען
צווישן די גיבורים וואָס האָבן געהאָלפן אין דער מלחמה;
2 באַוואָפנטע מיט בויגנס, וואָס האָבן אי מיט דער רעכ־
טער האַנט אי מיט דער לינקער געקענט וואַרפן שטיינער
און פיילן פון בויגן; פון שָאולס ברידער, פון בנימין.
3 דער הויפּט אַחיעֶזֶר, און יוֹאָש, די זין פון הַשמָעָהן פון
גִבעָה; און יזיאֵל, און פֶּלֶט, די זין פון עַזמָוֶתן; און בְּרָכָה,
און יֵהוא פון עֲנָתות; 4 און יִשמַעיָה פון גִבעון, אַ גיבור פון
די דרייסיק, און איבער די דרייסיק; און יִרמְיָה, און
יַחזיאֵל, און יוֹחָנָן, און יוֹזָבָד פון גְדֵרָה; 5 אֶלעוּזַי, און
ירימות, און בְּעַליָה, און שמַריָהו, און שפַטיָהו פון חָריף;
6 אֶלקָנָה, און יִשִיָהו, און עֲזַרְאֵל, און יוֹעֶזֶר, און יָשָבְעָם,
די קָרחים; 7 און יוֹעֵאלָה, און זבַדיָה די זין פון ירוֹחָמען
פון גדור.

8 און פון די גָדים האָבן זיך אָפּגעשיידט צו דודן, צו
דער פעסטונג אין דער מדבר, העלדישע גיבורים, חיל־
לייט פאַר מלחמה, וואָס האָבן געקענט האַלטן אַ פאַנצער און אַ שפּיז, מיט פּנימער ווי פּנימער פון לייבן, און אַזוי
ווי הירשן אויף די בערג אין פלינקייט. 9 עֵזֶר דער הויפּט, עוֹבַדיָה דער צווייטער, אֶליאָב דער דריטער; 10 מִשמַנָה
דער פירטער, יִרמְיָה דער פינפטער; 11 עַתַּי דער זעקסטער, אֶליאֵל דער זיבעטער; 12 יוֹחָנָן דער אַכטער, אֶלזָבָד
דער ניינטער; 13 יִרמְיָהו דער צענטער, מַכבַּנַי דער עלפטער. 14 די דאָזיקע פון די קינדער פון גָד זיינען געווען
הויפּטלייט פון חיל; דער מינדסטער איבער הונדערט, און דער גרעסטער איבער טויזנט. 15 דאָס זיינען די וואָס
זיינען אַריבער דעם יַרדן אין ערשטן חודש ווען ער איז געווען פול איבער אַלע זיינע ברעגן, און האָבן פאַריאָגט
אַלע פון די טאָלן צו מזרח און צו מערב.

16 און פון די קינדער פון בנימין און יהודה זיינען געקומען צו דער פעסטונג צו דודן. 17 און דוד איז זיי אַרויס אַנט־
קעגן, און ער האָט זיך אָפּגערופן און האָט צו זיי געזאָגט: אויב איר זייט געקומען אויף שלום צו מיר, מיך צו העלפן, וועט
מיין האַרץ זיין איינס מיט אײַך; אויב אָבער מיך צו פאַרנאַרן צו מיינע פיינט, אָן אַן אומרעכט אין מיינע הענט, זאָל דער

אֲבוֹתֵינוּ וְיוֹכַח׃ וְרוּחַ לָבְשָׁה אֶת־עֲמָשַׂי רֹאשׁ הַשְּׁלוֹשִׁים יט
לְךָ דָוִיד וְעִמְּךָ בֶן־יִשַׁי שָׁלוֹם ׀ שָׁלוֹם לְךָ וְשָׁלוֹם לְעֹזְרֶךָ
כִּי עֲזָרְךָ אֱלֹהֶיךָ וַיְקַבְּלֵם דָּוִיד וַיִּתְּנֵם בְּרָאשֵׁי הַגְּדוּד׃
וּמִמְּנַשֶּׁה נָפְלוּ עַל־דָּוִיד בְּבֹאוֹ עִם־פְּלִשְׁתִּים עַל־ כ
שָׁאוּל לַמִּלְחָמָה וְלֹא עֲזָרֻם כִּי בְעֵצָה שִׁלְּחֻהוּ סַרְנֵי
פְלִשְׁתִּים לֵאמֹר בְּרָאשֵׁינוּ יִפּוֹל אֶל־אֲדֹנָיו שָׁאוּל׃ בְּלֶכְתּוֹ כא
אֶל־צִיקְלַג נָפְלוּ עָלָיו ׀ מִמְּנַשֶּׁה עַדְנַח וְיוֹזָבָד וִידִיעֲאֵל
וּמִיכָאֵל וְיוֹזָבָד וֶאֱלִיהוּא וְצִלְּתָי רָאשֵׁי הָאֲלָפִים אֲשֶׁר
לִמְנַשֶּׁה׃ וְהֵמָּה עָזְרוּ עִם־דָּוִיד עַל־הַגְּדוּד כִּי־גִבּוֹרֵי חַיִל כב
כֻּלָּם וַיִּהְיוּ שָׂרִים בַּצָּבָא׃ כִּי לְעֶת־יוֹם בְּיוֹם יָבֹאוּ עַל־ כג
דָּוִיד לְעָזְרוֹ עַד־לְמַחֲנֶה גָדוֹל כְּמַחֲנֵה אֱלֹהִים׃
וְאֵלֶּה מִסְפְּרֵי רָאשֵׁי הֶחָלוּץ לַצָּבָא בָּאוּ עַל־דָּוִיד חֶבְרוֹנָה כד
לְהָסֵב מַלְכוּת שָׁאוּל אֵלָיו כְּפִי יְהוָה׃ בְּנֵי יְהוּדָה כה
נֹשְׂאֵי צִנָּה וָרֹמַח שֵׁשֶׁת אֲלָפִים וּשְׁמוֹנֶה מֵאוֹת חֲלוּצֵי
צָבָא׃ מִן־בְּנֵי שִׁמְעוֹן גִּבּוֹרֵי חַיִל לַצָּבָא שִׁבְעַת כו
אֲלָפִים וּמֵאָה׃ מִן־בְּנֵי הַלֵּוִי אַרְבַּעַת אֲלָפִים וְשֵׁשׁ כז
מֵאוֹת׃ וִיהוֹיָדָע הַנָּגִיד לְאַהֲרֹן וְעִמּוֹ שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים כח
וּשְׁבַע מֵאוֹת׃ וְצָדוֹק נַעַר גִּבּוֹר חָיִל וּבֵית־אָבִיו כט
שָׂרִים עֶשְׂרִים וּשְׁנָיִם׃ וּמִן־בְּנֵי בִנְיָמִן אֲחֵי שָׁאוּל ל
שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים וְעַד־הֵנָּה מַרְבִּיתָם שֹׁמְרִים מִשְׁמֶרֶת בֵּית
שָׁאוּל׃ וּמִן־בְּנֵי אֶפְרַיִם עֶשְׂרִים אֶלֶף וּשְׁמוֹנֶה לא
מֵאוֹת גִּבּוֹרֵי חַיִל אַנְשֵׁי שֵׁמוֹת לְבֵית אֲבוֹתָם׃
וּמֵחֲצִי מַטֵּה מְנַשֶּׁה שְׁמוֹנָה עָשָׂר אָלֶף אֲשֶׁר נִקְּבוּ בְּשֵׁמוֹת לב
לָבוֹא לְהַמְלִיךְ אֶת־דָּוִיד׃ וּמִבְּנֵי יִשָּׂשכָר יוֹדְעֵי לג
בִינָה לָעִתִּים לָדַעַת מַה־יַּעֲשֶׂה יִשְׂרָאֵל רָאשֵׁיהֶם מָאתַיִם
וְכָל־אֲחֵיהֶם עַל־פִּיהֶם׃ מִזְּבֻלוּן יוֹצְאֵי צָבָא עֹרְכֵי לד
מִלְחָמָה בְּכָל־כְּלֵי מִלְחָמָה חֲמִשִּׁים אֶלֶף וְלַעֲדֹר בְּלֹא־

יח׳ פתח בס״פ   יט׳ השלישים קרי

גאָט פון אונדזערע עלטערן צוזען און משפטן. [18] האָט אַ גייסט אָנגעקליידט עֲמָשַׂי דעם הויפּטמאַן פון די עלצטע:

פאַר דיר, דוד,
און מיט דיר, זון פון יִשַׁין!
שלום, שלום צו דיר,
און שלום צו דיינע העלפער;
וואָרום דיין גאָט טוט דיך העלפן.

האָט זיי דוד צוגענומען, און האָט זיי געמאַכט פאַר הויפּט־לייט פון דער מחנה.

[19] אויך פון מנשה זיינען צוגעפאַלן צו דודן ווען ער איז געקומען מיט די פּלִשתּים אַקעגן שָאולן אויף מלחמה, אָבער זייא האָבן זיי נית געהאָלפן, וואָרום נאָך אַ באַראָטונג האָבן די פירשטן פון די פּלִשתּים אים אַוועקגעשיקט, אַזוי צו זאָגן: מיט אונדזערע קעפּ וועט ער צוּפאַלן צו זיין האַר שָאולן. [20] אַז ער איז געגאַנגען קיין ציקלַג זיינען צוגעפאַלן צו אים פון מנשה: עַדנַח, און יוֹזָבָד, און ידיעֲאֵל, און מיכָאֵל, און יוֹזָבָד, און אֱליהוּא, און צִלתַי, הויפּטלייט פון טויזנטן וואָס פון מנשה. [21] און זיי האָבן געהאָלפן דודן אַקעגן דער מחנה, וואָרום זיי זיינען אַלע געווען העלדישע גיבּורים, און זיי זיינען געוואָרן עלטסטע אין חיל. [22] יאָ, פון טאָג צו טאָג איז מען געקומען צו דודן אים צו העלפן, ביז די מחנה איז געווען גרויס, אַזוי ווי אַ מחנה פון גאָט.

[23] און דאָס זיינען די צאָלן פון די קעפּ פון די באַוואָפנטע פאַר מלחמה, וואָס זיינען געקומען צו דודן קיין חֶברון, אָפּצוקערן די מלוכה פון שָאולן צו אים, לויט דעם מויל פון גאָט: [24] די קינדער פון יהודה וואָס האָבן געטראָגן אַ פאַנצער און אַ שפּיז, זעקס טויזנט און אַכט הונדערט באַוואָפנט פאַר מלחמה. [25] פון די קינדער פון שמעון, העלדישע גיבּורים פאַר מלחמה, זיבן טויזנט און הונדערט. [26] פון די קינדער פון לֵוִי, פיר טויזנט און זעקס הונדערט. [27] און יהוֹיָדָע דער פירשט פון אַהרן, און מיט אים דריי טויזנט און זיבן הונדערט. [28] און צָדוֹק, אַ יונגער העלדישער גיבּור, און זיין פאָטערהויז, צוויי און צוואַנציק עלטסטע. [29] און פון די קינדער פון בנימין, די ברידער פון שָאולן, דריי טויזנט, וואָרום ביז דענסמאָל האָט דאָס רָוב פון זיי אָפּגעהיט די געטריישאַפט צו שָאולס הויז. [30] און פון די קינדער פון אפרים, צוואַנציק טויזנט און אַכט הונדערט העלדישע גיבּורים, מענטשן מיט נעמען אין זייערע פאָטער־הייזער. [31] און פון דעם האַלבן שֵבט מנשה, אַכצן טויזנט וואָס זיינען געווען אָנגערופן מיט נעמען – צו קומען מאַכן דודן פאַר אַ מלך. [33] און פון די קינדער פון יִשָשכָר, די וואָס האָבן זיך פאַרשטאַנען אויף די צייטן, צו וויסן וואָס ישראל דאַרף טאָן; זייערע הויפּטלייט זיינען געווען צוויי הונדערט, און אַלע זייערע ברידער זיינען געווען אונטער זייער באַפעל. [83] פון זבולון, פופציק טויזנט וואָס קענען אַרויסגיין אין חיל, וואָס קענען אָנריכטן אַ מלחמה מיט אַלערליי כּלֵי־מלחמה, און זיך

א דוד מיט זיינע מענטשן-די פּלִשתּים. זע שמואל א׳ כח, ז, און קאַפּ. כט.

אויסשטעלן ניט מיט אַ האַלבן האַרצן. [34] און פון נפתלי, טויזנט עלטסטע, און מיט זיי זיבן און דרייסיק טויזנט מיט פּאַנצערס און שפּיזן. [35] און פון די דָנים, אַכט און צוואַנציק טויזנט און זעקס הונדערט וואָס קענען אָנריכטן אַ מלחמה. [36] און פון אָשר, פערציק טויזנט וואָס קענען אַרויסגיין אין חיל אָנצוריכטן אַ מלחמה. [37] און פון יענער זייט יַרדן, פון די ראובֵנים, און די גָדים, און דעם האַלבן שבט מנשה, מיט אַלע קריגעצייג פאַר מלחמה, הונדערט און צוואַנציק טויזנט.

[38] די אַלע, מלחמה־לייט וואָס האָבן געקענט זיך אויסשטעלן אין שלאַכטרײַ, זיינען געקומען מיט אַ גאַנצן האַרצן קיין חֶברון, צו מאַכן דודן פאַר אַ מלך איבער גאַנץ ישראל. און אויך אַלע איבעריקע פון ישראל זיינען געווען מיט איין האַרץ צו מאַכן דודן פאַר אַ מלך. [39] און זיי זיינען דאָרטן געווען מיט דודן דריי טעג, און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען, וואָרום זייערע ברידער האָבן צוגעגרייט פאַר זיי. [40] און אויך האָבן די וואָס זיינען גע־ווען נאָענט צו זיי, ביז צו יִששָׂכָר און זבולון און נפתלי, גע־בראַכט ברויט אויף אייזלען, און אויף קעמלען, און אויף מויל־אייזלען, און אויף רינדער, מעלשפּייזן, געפּרעסטע פייגן, און ראָזינקעס, און ווין, און אייל, און רינדער און שאָף לרוֹב, וואָרום עס איז געווען אַ שמחה אין ישראל.

לה לֵב וָלֵב׃ וּמִנַּפְתָּלִי שָׂרִים אָלֶף וְעִמָּהֶם בְּצִנָּה
לו וַחֲנִית שְׁלֹשִׁים וְשִׁבְעָה אָלֶף׃ וּמִן־הַדָּנִי עֹרְכֵי
לז מִלְחָמָה עֶשְׂרִים וּשְׁמוֹנָה אֶלֶף וְשֵׁשׁ מֵאוֹת׃ וּמֵאָשֵׁר
לח יוֹצְאֵי צָבָא לַעֲרֹךְ מִלְחָמָה אַרְבָּעִים אָלֶף׃ וּמֵעֵבֶר
לַיַּרְדֵּן מִן־הָראוּבֵנִי וְהַגָּדִי וַחֲצִי ׀ שֵׁבֶט מְנַשֶּׁה בְּכָל־כְּלֵי
לט צְבָא מִלְחָמָה מֵאָה וְעֶשְׂרִים אָלֶף׃ כָּל־אֵלֶּה אַנְשֵׁי
מִלְחָמָה עֹדְרֵי מַעֲרָכָה בְּלֵבָב שָׁלֵם בָּאוּ חֶבְרוֹנָה
לְהַמְלִיךְ אֶת־דָּוִיד עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל וְגַם כָּל־שֵׁרִית יִשְׂרָאֵל
מ לֵב אֶחָד לְהַמְלִיךְ אֶת־דָּוִיד׃ וַיִּהְיוּ־שָׁם עִם־דָּוִיד יָמִים
מא שְׁלוֹשָׁה אֹכְלִים וְשׁוֹתִים כִּי־הֵכִינוּ לָהֶם אֲחֵיהֶם׃ וְגַם
הַקְּרוֹבִים־אֲלֵיהֶם עַד־יִשָּׂשכָר וּזְבֻלוּן וְנַפְתָּלִי מְבִיאִים
לֶחֶם בַּחֲמוֹרִים וּבַגְּמַלִּים וּבַפְּרָדִים ׀ וּבַבָּקָר מַאֲכָל קֶמַח
דְּבֵלִים וְצִמּוּקִים וְיַיִן וְשֶׁמֶן וּבָקָר וְצֹאן לָרֹב כִּי שִׂמְחָה
בְּיִשְׂרָאֵל׃

יג

א ב וַיִּוָּעַץ דָּוִיד עִם־שָׂרֵי הָאֲלָפִים וְהַמֵּאוֹת לְכָל־נָגִיד׃ וַיֹּאמֶר
דָּוִיד לְכֹל ׀ קְהַל יִשְׂרָאֵל אִם־עֲלֵיכֶם טוֹב וּמִן־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ
נִפְרְצָה נִשְׁלְחָה עַל־אַחֵינוּ הַנִּשְׁאָרִים בְּכֹל אַרְצוֹת
יִשְׂרָאֵל וְעִמָּהֶם הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם בְּעָרֵי מִגְרְשֵׁיהֶם וְיִקָּבְצוּ
ג אֵלֵינוּ׃ וְנָסֵבָּה אֶת־אֲרוֹן אֱלֹהֵינוּ אֵלֵינוּ כִּי־לֹא דְרַשְׁנֻהוּ
ד בִּימֵי שָׁאוּל׃ וַיֹּאמְרוּ כָל־הַקָּהָל לַעֲשׂוֹת כֵּן כִּי־יָשַׁר
ה הַדָּבָר בְּעֵינֵי כָל־הָעָם׃ וַיַּקְהֵל דָּוִיד אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל מִן־
שִׁיחוֹר מִצְרַיִם וְעַד־לְבוֹא חֲמָת לְהָבִיא אֶת־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים
ו מִקִּרְיַת יְעָרִים׃ וַיַּעַל דָּוִיד וְכָל־יִשְׂרָאֵל בַּעֲלָתָה אֶל־
קִרְיַת יְעָרִים אֲשֶׁר לִיהוּדָה לְהַעֲלוֹת מִשָּׁם אֵת אֲרוֹן
ז הָאֱלֹהִים ׀ יְהוָה יוֹשֵׁב הַכְּרוּבִים אֲשֶׁר־נִקְרָא שֵׁם׃ וַיַּרְכִּיבוּ
אֶת־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים עַל־עֲגָלָה חֲדָשָׁה מִבֵּית אֲבִינָדָב וְעֻזָּא

---

יב לט׳ כצ״ל   מא׳ בס״א מאכל־

## יג

[1] און דוד האָט געהאַלטן אַן עצה מיט די הויפּטלייט פון די טויזנטן און פון די הונדערטן, מיט איטלעכן אָנפירער. [2] און דוד האָט געזאָגט צו דער אַיינזאַמלונג פון ישראל: אויב אַייך איז וווילגעפעלן, און עס איז פון יהוה אונדזער גאָט, לאָמיר ברייט פאַנאַנדערשיקן צו אונדזערע איבעריקע ברידער אין אַלע לענדער פון ישראל, און צוגלייך מיט זיי צו די כֹּהנים און צו די לֵויִים וואָס זיינען אין זייערע שטעט מיט די פרייע פּלעצער, אַז זיי זאָלן זיך אויפקלייבן צו אונדז. [3] און לאָמיר אַריבערברענגען דעם אָרון פון אונדזער גאָט צו אונדז, וואָרום מיר האָבן אים ניט געזוכט אין די טעג פון שָאולן. [4] האָט די גאַנצע אַיינזאַמלונג געזאָגט, מע זאָל אַזוי טאָן, וואָרום די זאַך איז געווען גלייך אין די אויגן פון דעם גאַנצן פאָלק. [5] און דוד האָט אַיינגעזאַמלט גאַנץ ישראל פון [דעם טייך] שיחוֹר פון מִצרַיִם און ביז מע קומט קיין חֲמָת, כּדי צו ברענגען דעם אָרון פון גאָט פון קִרְיַת־יְעָרים.

[6] און דוד און גאַנץ ישראל זיינען אַרויפגעגאַנגען קיין בַּעֲלָה, קיין קִרְיַת־יְעָרים וואָס געהערט צו יהודה, כּדי אַרויפצוברענגען פון דאָרטן דעם אָרון פון גאָט דעם האַר וואָס זיצט איבער די כּרובים, וואָס זיין נאָמען ווערט גערופן דערויף. [7] און זיי האָבן אַרויפגעלייגט דעם אָרון פון גאָט אויף אַ נייעם וואָגן פון אַבינָדָבס הויז, און עוזאַ

ח וְאַחְיוֹ נֹהֲגִים בָּעֲגָלָה׃ וְדָוִיד וְכָל־יִשְׂרָאֵל מְשַׂחֲקִים
לִפְנֵי הָאֱלֹהִים בְּכָל־עֹז וּבְשִׁירִים וּבְכִנֹּרוֹת וּבִנְבָלִים
ט וּבְתֻפִּים וּבִמְצִלְתַּיִם וּבַחֲצֹצְרוֹת׃ וַיָּבֹאוּ עַד־גֹּרֶן כִּידֹן
וַיִּשְׁלַח עֻזָּא אֶת־יָדוֹ לֶאֱחֹז אֶת־הָאָרוֹן כִּי שָׁמְטוּ הַבָּקָר׃
י וַיִּחַר־אַף יְהוָה בְּעֻזָּא וַיַּכֵּהוּ עַל אֲשֶׁר־שָׁלַח יָדוֹ עַל־הָאָרוֹן
יא וַיָּמָת שָׁם לִפְנֵי אֱלֹהִים׃ וַיִּחַר לְדָוִיד כִּי־פָרַץ יְהוָה
פֶּרֶץ בְּעֻזָּא וַיִּקְרָא לַמָּקוֹם הַהוּא פֶּרֶץ עֻזָּא עַד הַיּוֹם
יב הַזֶּה׃ וַיִּירָא דָוִיד אֶת־הָאֱלֹהִים בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר הֵיךְ
יג אָבִיא אֵלַי אֵת אֲרוֹן הָאֱלֹהִים׃ וְלֹא־הֵסִיר דָּוִיד אֶת־
הָאָרוֹן אֵלָיו אֶל־עִיר דָּוִיד וַיַּטֵּהוּ אֶל־בֵּית עֹבֵד־אֱדֹם
יד הַגִּתִּי׃ וַיֵּשֶׁב אֲרוֹן הָאֱלֹהִים עִם־בֵּית עֹבֵד אֱדֹם בְּבֵיתוֹ
שְׁלֹשָׁה חֳדָשִׁים וַיְבָרֶךְ יְהוָה אֶת־בֵּית עֹבֵד־אֱדֹם וְאֶת־
כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ׃

## יד

א וַיִּשְׁלַח הִירָם מֶלֶךְ־צֹר מַלְאָכִים אֶל־דָּוִיד וַעֲצֵי אֲרָזִים
ב וְחָרָשֵׁי קִיר וְחָרָשֵׁי עֵצִים לִבְנוֹת לוֹ בָּיִת׃ וַיֵּדַע דָּוִיד כִּי־
הֱכִינוֹ יְהוָה לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל כִּי־נִשֵּׂאת לְמַעְלָה מַלְכוּתוֹ
ג בַּעֲבוּר עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּקַּח דָּוִיד עוֹד נָשִׁים בִּירוּשָׁלִָם
ד וַיּוֹלֶד דָּוִיד עוֹד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וְאֵלֶּה שְׁמוֹת הַיְלוּדִים
אֲשֶׁר הָיוּ־לוֹ בִּירוּשָׁלִָם שַׁמּוּעַ וְשׁוֹבָב נָתָן וּשְׁלֹמֹה׃
ה ו ז וְיִבְחָר וֶאֱלִישׁוּעַ וְאֶלְפָּלֶט׃ וְנֹגַהּ וְנֶפֶג וְיָפִיעַ׃ וֶאֱלִישָׁמָע
ח וּבְעֶלְיָדָע וֶאֱלִיפָלֶט׃ וַיִּשְׁמְעוּ פְלִשְׁתִּים כִּי־נִמְשַׁח דָּוִיד
לְמֶלֶךְ עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲלוּ כָל־פְּלִשְׁתִּים לְבַקֵּשׁ אֶת־
ט דָּוִיד וַיִּשְׁמַע דָּוִיד וַיֵּצֵא לִפְנֵיהֶם׃ וּפְלִשְׁתִּים בָּאוּ וַיִּפְשְׁטוּ
י בְּעֵמֶק רְפָאִים׃ וַיִּשְׁאַל דָּוִיד בֵּאלֹהִים לֵאמֹר הַאֶעֱלֶה
עַל־פְּלִשְׁתִּיִּים וּנְתַתָּם בְּיָדִי וַיֹּאמֶר לוֹ יְהוָה עֲלֵה וּנְתַתִּים
יא בְּיָדֶךָ׃ וַיַּעֲלוּ בְּבַעַל־פְּרָצִים וַיַּכֵּם שָׁם דָּוִיד וַיֹּאמֶר דָּוִיד

יג, ס"א בְּ׳ יד, א׳ חורם קרי ו׳ יתיר י׳

און אַחיו האָבן געפירט דעם וואָגן. [8] און דוד און גאַנץ ישׂראל, האָבן זיך פריילעך געמאַכט פאַר גאָט מיטן גאַנצן כּוח, מיט געזאַנגען, און מיט האַרפן, און מיט גיטאַרן, און מיט פויקן, און מיט צימבלען, און מיט טרומייטן.

[9] און ווי זיי זיינען געקומען ביז צום שייער פון כּידון, האָט עוזא אויסגעשטרעקט זיין האַנט אָנצונעמען דעם אָרון, וואָרום די רינדער האָבן אים אַראָפּגערוקט. [10] האָט דער צאָרן פון גאָט געגרימט אויף עוזאָן, און ער האָט אים געשלאָגן פאַרוואָס ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום אָרון; און ער איז דאָרטן געשטאָרבן פאַר גאָט.

[11] און דודן האָט געערגערט וואָס גאָט האָט גע־בראַכט אַ בראָך אויף עוזאָן. און מע רופט יענעם אָרט פּרץ־עוזאָ[א] ביז אויף היינטיקן טאָג. [12] און דוד האָט מורא געהאַט פאַר גאָט אין יענעם טאָג, אַזוי צו זאָגן: ווי אַזוי זאָל איך ברענגען צו מיר דעם אָרון פון גאָט?

[13] און דוד האָט ניט אַוועקגענומען דעם אָרון צו זיך אין דודס־שטאָט, נאָר ער האָט אים אָפּגעפירט צו דעם הויז פון עובֵד־אֱדומען פון גַת. [14] און דער אָרון פון גאָט איז געבליבן ביי דעם הויזגעזינט פון עובֵד־אֱדומען אין זיין הויז דריי חדשים. און גאָט האָט געבענטשט דאָס הויז פון עובֵד־אֱדומען, און אַלץ וואָס ער האָט געהאַט.

## יד

[1] און חוּרָם דער מלך פון צור האָט געשיקט שלוחים צו דודן מיט צעדערהאָלץ און מויערמיינסטערס און האָלצמיינסטערס, אים צו בויען אַ הויז. [2] און דוד האָט געוווּסט אַז גאָט האָט אים באַפעסטיקט פאַר אַ מלך איבער ישׂראל, וואָרום זיין מלוכה איז געווען הויך דערהויבן, פון וועגן זיין פאָלק ישׂראל.

[3] און דוד האָט גענומען נאָך ווייבער אין ירושָלַיִם, און דוד האָט געבאָרן נאָך זין און טעכטער. [4] און דאָס זיינען די נעמען פון די קינדער וואָס ער האָט געהאַט אין ירושָלַיִם: שַׁמוּעַ, און שובָב, נָתָן, און שלמה; [5] און יִבחָר, און אֱלִישוּעַ, און אֶלפָּלֶט; [6] און נוגַה, און נֶפֶג, און יָפִיעַ; [7] און אֱלִישָמָע, און בְּעֶלְיָדָע, און אֱלִיפֶלֶט.

[8] און די פּלִשתּים האָבן געהערט אַז דוד איז געזאַלבט געוואָרן פאַר אַ מלך איבער גאַנץ ישׂראל, און אַלע פּלִשתּים זיינען אַרויפגעגאַנגען צו זוכן דודן. האָט דוד געהערט, און ער איז אַרויס זיי אַנטקעגן.

[9] און די פּלִשתּים זיינען געקומען, און האָבן זיך פאַרשפרייט אין טאָל רפָאים.

[10] האָט דוד געפרעגט ביי גאָט, אַזוי צו זאָגן: זאָל איך אַרויפגיין אויף די פּלִשתּים? און וועסטו זיי געבן אין מיין האַנט? האָט גאָט צו אים געזאָגט: גיי אַרויף, און איך וועל זיי געבן אין דיין האַנט.

[11] און זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען קיין בַּעַל־פּרָצים, און דוד האָט זיי דאָרטן געשלאָגן; און דוד האָט געזאָגט:

[א] ד. ה. עוזאס בראָך.

גאָט האָט דורכגעבראָכן מיינע פיינט מיט מיין האַנט, אַזוי
ווי אַ דורכבראָך פון וואַסער. דרום האָט מען גערופן
דעם נאָמען פון יענעם אָרט בַּעַל־פְּרָצִים[א].
[12] און זיי האָבן דאָרטן איבערגעלאָזט זייערע אָפּ־
געטער; האָט דוד געהייסן, און זיי זיינען פאַרברענט גע־
וואָרן אין פייער.
[13] און די פְּלִשְׁתִּים האָבן זיך ווידער אַ מאָל פאַר־
שפרייט אין טאָל. [14] האָט דוד ווידער געפרעגט ביי גאָט,
און גאָט האָט צו אים געזאָגט: זאָלסט ניט אַרויפגיין נאָך
זיי; דריי זיך אַוועק פון זיי, און זאָלסט קומען אויף זיי
פון אַקעגן די מוילבערביימער. [15] און עס וועט זיין, ווי
דו וועסט הערן אַ גערויש פון טריט אין די שפיצן פון די
מוילבערביימער, דענסמאָל זאָלסטו אַרויסגיין אין
מלחמה, וואָרום דאָס איז גאָט אַרויסגעגאַנגען דיר פאַרויס
צו שלאָגן דעם חיל פון די פְּלִשְׁתִּים.
[16] און דוד האָט געטאָן אַזוי ווי גאָט האָט אים באַ־
פוילן, און זיי האָבן געשלאָגן דעם חיל פון די פְּלִשְׁתִּים
פון גִבְעוֹן און ביז גֶזֶרָה.
[17] און דודס שם איז אַרויס אין אַלע לענדער, און
גאָט האָט געגעבן זיין מוֹרא אויף אַלע פעלקער.

## טו

[1] און ער האָט זיך געמאַכט הייזער אין דודס־
שטאָט, און ער האָט צוגעגרייט אַן אָרט פאַר
דעם אָרון פון גאָט, און אויפגעשטעלט פאַר אים אַ גע־
צעלט. [2] דענסמאָל האָט דוד געזאָגט, אַז קיינער זאָל
ניט טראָגן דעם אָרון פון גאָט, נאָר די לוִיִים, ווייל זיי האָט גאָט אויסדערוויילט צו טראָגן דעם אָרון פון גאָט, און אים
צו באַדינען אויף אייביק. [3] און דוד האָט איינגעזאַמלט גאַנץ ישראל קיין ירושָלַיִם, כּדי אַרויפצוברענגען דעם אָרון
פון גאָט אויף זיין אָרט, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר אים. [4] און דוד האָט צונויפגעקליבן די קינדער פון אַהרן,
און די לוִיִים. [5] פון די קינדער פון קְהָת: אוּרִיאֵל דעם הויפטמאַן, און זיינע ברידער, הונדערט און צוואַנציק. [6] פון
די קינדער פון מְרָרִי: עֲשָׂיָה דעם הויפטמאַן, און זיינע ברידער, צוויי הונדערט און צוואַנציק. [7] פון די קינדער
פון גֵרְשׁוֹם: יוֹאֵל דעם הויפטמאַן, און זיינע ברידער, הונדערט און דרייסיק. [8] פון די קינדער פון אֱלִיצָפָן: שְׁמַעְיָה
דעם הויפט, און זיינע ברידער, צוויי הונדערט. [9] פון די קינדער פון חֶבְרוֹן: אֱלִיאֵל דעם הויפטמאַן, און זיינע
ברידער, אַכציק. [10] פון די קינדער פון עוּזִיאֵל: עַמִּינָדָב דעם הויפטמאַן, און זיינע ברידער, הונדערט און צוועלף.
[11] און דוד האָט גערופן צָדוֹק און אֶבְיָתָר די כֹּהנים, און די לוִיִים, אוּרִיאֵלן, עֲשָׂיָהן, און יוֹאֵלן, שְׁמַעְיָהן, און
אֱלִיאֵלן, און עַמִּינָדָבן. [12] און ער האָט צו זיי געזאָגט: איר זייט די הויפטן פון די פאָטערהייזער פון די לוִיִים; הייליקט
אייך, איר און אייערע ברידער, און איר וועט אַרויפברענגען דעם אָרון פון יהוה דעם גאָט פון ישראל אַהין ווו איך האָב

[א] ד. ה. דורכבראָך.

פָּרַץ הָאֱלֹהִים אֶת־אוֹיְבַי בְּיָדִי כְּפֶרֶץ מָיִם עַל־כֵּן קָרְאוּ
יב שֵׁם־הַמָּקוֹם הַהוּא בַּעַל פְּרָצִים: וַיַּעַזְבוּ־שָׁם אֶת־אֱלֹהֵיהֶם
יג וַיֹּאמֶר דָּוִיד וַיִּשָּׂרְפוּ בָּאֵשׁ: וַיֹּסִיפוּ עוֹד פְּלִשְׁתִּים
יד וַיִּפְשְׁטוּ בָּעֵמֶק: וַיִּשְׁאַל עוֹד דָּוִיד בֵּאלֹהִים וַיֹּאמֶר לוֹ
הָאֱלֹהִים לֹא תַעֲלֶה אַחֲרֵיהֶם הָסֵב מֵעֲלֵיהֶם וּבָאתָ לָהֶם
טו מִמּוּל הַבְּכָאִים: וִיהִי כְּשָׁמְעֲךָ אֶת־קוֹל הַצְּעָדָה בְּרָאשֵׁי
הַבְּכָאִים אָז תֵּצֵא בַמִּלְחָמָה כִּי־יָצָא הָאֱלֹהִים לְפָנֶיךָ
טז לְהַכּוֹת אֶת־מַחֲנֵה פְלִשְׁתִּים: וַיַּעַשׂ דָּוִיד כַּאֲשֶׁר צִוָּהוּ
הָאֱלֹהִים וַיַּכּוּ אֶת־מַחֲנֵה פְלִשְׁתִּים מִגִּבְעוֹן וְעַד־גָּזְרָה:
יז וַיֵּצֵא שֵׁם־דָּוִיד בְּכָל־הָאֲרָצוֹת וַיהוָה נָתַן אֶת־פַּחְדּוֹ עַל־
כָּל־הַגּוֹיִם:

טו

א וַיַּעַשׂ־לוֹ בָתִּים בְּעִיר דָּוִיד וַיָּכֶן מָקוֹם לַאֲרוֹן הָאֱלֹהִים
ב וַיֶּט־לוֹ אֹהֶל: אָז אָמַר דָּוִיד לֹא לָשֵׂאת אֶת־אֲרוֹן
הָאֱלֹהִים כִּי אִם־הַלְוִיִּם כִּי־בָם ׀ בָּחַר יְהוָה לָשֵׂאת אֶת־
ג אֲרוֹן יְהוָה וּלְשָׁרְתוֹ עַד־עוֹלָם: וַיַּקְהֵל דָּוִיד אֶת־
כָּל־יִשְׂרָאֵל אֶל־יְרוּשָׁלָםִ לְהַעֲלוֹת אֶת־אֲרוֹן יְהוָה אֶל־
ד מְקוֹמוֹ אֲשֶׁר־הֵכִין לוֹ: וַיֶּאֱסֹף דָּוִיד אֶת־בְּנֵי אַהֲרֹן וְאֶת־
ה הַלְוִיִּם: לִבְנֵי קְהָת אוּרִיאֵל הַשָּׂר וְאֶחָיו מֵאָה
ו וְעֶשְׂרִים: לִבְנֵי מְרָרִי עֲשָׂיָה הַשָּׂר וְאֶחָיו מָאתַיִם
ז וְעֶשְׂרִים: לִבְנֵי גֵרְשׁוֹם יוֹאֵל הַשָּׂר וְאֶחָיו מֵאָה
ח וּשְׁלֹשִׁים: לִבְנֵי אֱלִיצָפָן שְׁמַעְיָה הַשָּׂר וְאֶחָיו מָאתָיִם:
ט לִבְנֵי חֶבְרוֹן אֱלִיאֵל הַשָּׂר וְאֶחָיו שְׁמוֹנִים:
י לִבְנֵי עֻזִּיאֵל עַמִּינָדָב הַשָּׂר וְאֶחָיו מֵאָה וּשְׁנֵים עָשָׂר:
יא וַיִּקְרָא דָוִיד לְצָדוֹק וּלְאֶבְיָתָר הַכֹּהֲנִים וְלַלְוִיִּם לְאוּרִיאֵל
יב עֲשָׂיָה וְיוֹאֵל שְׁמַעְיָה וֶאֱלִיאֵל וְעַמִּינָדָב: וַיֹּאמֶר לָהֶם
אַתֶּם רָאשֵׁי הָאָבוֹת לַלְוִיִּם הִתְקַדְּשׁוּ אַתֶּם וַאֲחֵיכֶם
וְהַעֲלִיתֶם אֵת אֲרוֹן יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־הֲכִינוֹתִי לוֹ:

טו, יב׳ בס״א הֶ׳

כִּי לְמַבָּרִאשׁוֹנָה לֹא אַתֶּם פָּרַץ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ בָּנוּ כִּי־לֹא יג
דְרַשְׁנֻהוּ כַּמִּשְׁפָּט׃ וַיִּתְקַדְּשׁוּ הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם לְהַעֲלוֹת יד
אֶת־אֲרוֹן יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׂאוּ בְנֵי־הַלְוִיִּם אֵת טו
אֲרוֹן הָאֱלֹהִים כַּאֲשֶׁר צִוָּה מֹשֶׁה כִּדְבַר יְהוָה בִּכְתֵפָם
בַּמֹּטוֹת עֲלֵיהֶם׃ וַיֹּאמֶר דָּוִיד לְשָׂרֵי הַלְוִיִּם לְהַעֲמִיד טז
אֶת־אֲחֵיהֶם הַמְשֹׁרְרִים בִּכְלֵי־שִׁיר נְבָלִים וְכִנֹּרוֹת
וּמְצִלְתָּיִם מַשְׁמִיעִים לְהָרִים־בְּקוֹל לְשִׂמְחָה׃
וַיַּעֲמִידוּ הַלְוִיִּם אֵת הֵימָן בֶּן־יוֹאֵל וּמִן־אֶחָיו אָסָף בֶּן־ יז
בֶּרֶכְיָהוּ וּמִן־בְּנֵי מְרָרִי אֲחֵיהֶם אֵיתָן בֶּן־קוּשָׁיָהוּ׃ וְעִמָּהֶם יח
אֲחֵיהֶם הַמִּשְׁנִים זְכַרְיָהוּ בֵּן וְיַעֲזִיאֵל וּשְׁמִירָמוֹת וִיחִיאֵל ׀
וְעֻנִּי אֱלִיאָב וּבְנָיָהוּ וּמַעֲשֵׂיָהוּ וּמַתִּתְיָהוּ וֶאֱלִיפְלֵהוּ וּמִקְנֵיָהוּ
וְעֹבֵד אֱדֹם וִיעִיאֵל הַשֹּׁעֲרִים׃ וְהַמְשֹׁרְרִים הֵימָן אָסָף יט
וְאֵיתָן בִּמְצִלְתַּיִם נְחֹשֶׁת לְהַשְׁמִיעַ׃ וּזְכַרְיָה וַעֲזִיאֵל כ
וּשְׁמִירָמוֹת וִיחִיאֵל וְעֻנִּי וֶאֱלִיאָב וּמַעֲשֵׂיָהוּ וּבְנָיָהוּ בִּנְבָלִים
עַל־עֲלָמוֹת׃ וּמַתִּתְיָהוּ וֶאֱלִיפְלֵהוּ וּמִקְנֵיָהוּ וְעֹבֵד אֱדֹם כא
וִיעִיאֵל וַעֲזַזְיָהוּ בְּכִנֹּרוֹת עַל־הַשְּׁמִינִית לְנַצֵּחַ׃ וּכְנַנְיָהוּ כב
שַׂר־הַלְוִיִּם בְּמַשָּׂא יָסֹר בַּמַּשָּׂא כִּי מֵבִין הוּא׃ וּבֶרֶכְיָה כג
וְאֶלְקָנָה שֹׁעֲרִים לָאָרוֹן׃ וּשְׁבַנְיָהוּ וְיוֹשָׁפָט וּנְתַנְאֵל וַעֲמָשַׂי כד
וּזְכַרְיָהוּ וּבְנָיָהוּ וֶאֱלִיעֶזֶר הַכֹּהֲנִים מַחְצְּרִים בַּחֲצֹצְרוֹת
לִפְנֵי אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וְעֹבֵד אֱדֹם וִיחִיָּה שֹׁעֲרִים לָאָרוֹן׃
וַיְהִי דָוִיד וְזִקְנֵי יִשְׂרָאֵל וְשָׂרֵי הָאֲלָפִים הַהֹלְכִים כה
לְהַעֲלוֹת אֶת־אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה מִן־בֵּית עֹבֵד־אֱדֹם
בְּשִׂמְחָה׃ וַיְהִי בֶּעְזֹר הָאֱלֹהִים אֶת־הַלְוִיִּם נֹשְׂאֵי כו
אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה וַיִּזְבְּחוּ שִׁבְעָה־פָרִים וְשִׁבְעָה אֵילִים׃
וְדָוִיד מְכֻרְבָּל ׀ בִּמְעִיל בּוּץ וְכָל־הַלְוִיִּם הַנֹּשְׂאִים אֶת־ כז
הָאָרוֹן וְהַמְשֹׁרְרִים וּכְנַנְיָה הַשַּׂר הַמַּשָּׂא הַמְשֹׁרְרִים וְעַל־
דָּוִיד אֵפוֹד בָּד׃ וְכָל־יִשְׂרָאֵל מַעֲלִים אֶת־אֲרוֹן בְּרִית־ כח

יג׳ ב׳ טעמים    טז׳ בס״א ׳עים להרים
כד׳ בס״א ובניהו ואליעזר הכהנים    יתיר צ׳ ובס״א מְחַבְּרִים קרי
כז׳ פתח בס״פ

צוגעגרייט פאַר אים. [13] וואָרום ווייל איר זייט ניט געווען דאָס ערשטע מאָל, האָט יהוה אונדזער גאָט געמאַכט אַ בראָך צווישן אונדז; וואָרום מיר האָבן אים ניט געזוכט ווי געהעריק.

[14] האָבן די כֹּהנים און די לוִיִים זיך געהייליקט, כּדי אַרויפצוברענגען דעם אָרון פון יהוה דעם גאָט פון ישׂראל. [15] און די קינדער פון די לוִיִים האָבן געטראָגן דעם אָרון פון גאָט, אַזוי ווי משה האָט באַפוילן לויט דעם וואָרט פון גאָט, אויף זייער אַקסל מיט שטאַנגען אויף זיך. [16] און דוד האָט געהייסן די הויפּטלייט פון די לוִיִים צו שטעלן זייערע ברידער די זינגערס מיט כּלי־זָמֶר, האַרפן, און גיטאַרן, און צימבלען, צו שפּילן אויף אַ הויכן קָול מיט שׂמחה. [17] און די לוִיִים האָבן געשטעלט הֵימָן דעם זון פון יואֵלן; און פון זיינע ברידער, אָסָף דעם זון פון בֶּרֶכיָהון; און פון די קינדער פון מְרָרי, זייערע ברידער, אֵיתָן דעם זון פון קוּשָׁיָהון. [18] און מיט זיי זיינען געווען זייערע ברידער פון צווייטן ראַנג: זכַריָהו, בֵּן, און יַעֲזיאֵל, און שמירָמות, און יחיאֵל, און עוני, אֱליאָב, און בּנָיָהו, און מַעֲשׂיָהו, און מַתִּתיָהו, און אֱליפלֵהו, און מִקנֵיָהו, און עוֹבֵד־אֱדום, און יעִיאֵל, די טויערלייט. [19] און די זינגערס, הֵימָן, אָסָף, און אֵיתָן, אויף צו שפּילן מיט קופּערנע צימבלען. [20] און זכַריָה, און עֲזיאֵל, און שמירָמות, און יחיאֵל, און עוני, און אֱליאָב, און מַעֲשׂיָהו, און בּנָיָהו, מיט האַרפן אויף עֲלָמות. [21] און מַתִּתיָהו, אֱליפלֵהו, און מִקנֵיָהו, און עוֹבֵד־אֱדום, און יעִיאֵל, און עֲזַזיָהו, אויף אָנצופירן מיט האַרפן אויף שמינית. [22] און כּנַניָהו דער הויפּטמאַן פון די לוִיִים איז געווען איבער דעם געזאַנג; ער פלעגט זיין דער האַר ביים געזאַנג, וואָרום ער איז געווען אַ קענער. [23] און בֶּרֶכיָה און אֶלקָנָה זיינען געווען טויערלייט ביים אָרון. [24] און שבַניָהו, און יוֹשָׁפָט, און נתַנאֵל, און עֲמָשַׂי, און זכַריָהו, און בּנָיָהו, און אֱליעֶזֶר, די כֹּהנים, האָבן געטרומייטערט אויף טרומייטן פאַר דעם אָרון פון גאָט; און עוֹבֵד־אֱדום און יחִיָה, זיינען געווען טויערלייט ביים אָרון.

[25] און דוד, און די עלטסטע פון ישׂראל, און די הויפּטלייט פון די טויזנטן, זיינען געגאַנגען אַרויפצוברענגען דעם אָרון פון גאָטס בונד, פון עוֹבֵד־אֱדומס הויז, מיט שׂמחה. [26] און עס איז געווען, אַז גאָט האָט געהאָלפן די לוִיִים וואָס האָבן געטראָגן דעם אָרון פון גאָטס בונד, האָבן זיי געשלאַכט זיבן אָקסן און זיבן ווידערס. [27] און דוד איז געווען איינגעוויקלט אין אַ מאַנטל פון פיינליינען, דעסגלייכן אַלע לוִיִים וואָס האָבן געטראָגן דעם אָרון, און די זינגערס, און כּנַניָה דער געזאַנג־מייסטער איבער די זינגערס; און דוד האָט אויף זיך געהאַט אַ ליינענעם אֵפוד. [28] און גאַנץ ישׂראל האָבן אַרויפגעבראַכט

דעם אָרון פון גאָטס בונד מיט שאַלונג, און מיט אַ קול פון
שופר, און מיט טרומייטן, און מיט צימבלען, שפילנדיק
אויף גיטאַרן און האַרפן. [29] און עס איז געווען, ווי דער
אָרון פון גאָטס בונד איז געקומען ביז דודס־שטאָט, האָט
מיכל די טאָכטער פון שָאולן אַרויסגעקוקט דורכן פענצ־
טער, און זי האָט געזען דעם מלך דוד טאַנצן און זיך מאַכן
פריילעך, און זי האָט אים פאַראַכט אין איר האַרצן.

## טז

[1] און זיי האָבן געבראַכט דעם אָרון פון גאָט, און
האָבן אים אַריינגעשטעלט אין דעם געצעלט וואָס
דוד האָט פאַר אים אויפגעשטעלט, און זיי האָבן מקריב
געווען בראַנדאָפפער און פרידאָפפער פאַר גאָט. [2] און
אַז דוד האָט געענדיקט אויפברענגען די בראַנדאָפפער
און די פרידאָפפער, האָט ער געבענטשט דאָס פאָלק
אין נאָמען פון גאָט. [3] און ער האָט אויסגעטיילט צו יעט־
וועדער איינעם פון ישׂראל פון אַ מאַן ביז אַ פרוי, איטלעכן
אַ לאַבן ברויט, און אַ חלק פלייש, און אַ ראָזינקעקוכן.

[4] און ער האָט געשטעלט פאַר דעם אָרון פון גאָט,
פון די לויִים פאַר באַדינער, און אויך צו דערמאָנען און
דאַנקען און לויבן יהוה דעם גאָט פון ישׂראל: [5] אָסף דעם
הויפט, און דעם צווייטן צו אים, זכריָהן, יעִיאֵלן, און
שמירָמותן, און יחיאֵלן, און מַתִתיָהן, און אֱליאָבן, און
בְניָהון, און עובֵד־אֱדומען, און יעִיאֵלן, מיט גיטאַרן און
מיט האַרפן; און אָסף האָט געשפילט אויף אַ צימבל;
[6] און בְניָהו און יַחזיאֵל די כהנים, מיט טרומייטן תמיד פאַר
דעם אָרון פון גאָטס בונד.

[7] דענסמאָל אין יענעם טאָג האָט דוד צוערשט גע־
לאָזט געבן אַ דאַנק צו גאָט, דורך אָסָפן און זיינע ברידער.

[8] גיט אַ דאַנק צו גאָט, רופט זיין נאָמען,
לאָזט וויסן צווישן די פעלקער זיינע טואונגען.
[9] זינגט צו אים, שפילט צו אים,
רעדט פון אַלע זיינע וואונדער.
[10] רימט זיך מיט זיין הייליקן נאָמען;
זאָל זיך פרייען דאָס האַרץ פון די וואָס זוכן גאָט.
[11] פאָרשט גאָט און זיין שטאַרקייט,
זוכט זיין פנים תמיד.
[12] דערמאָנט זיינע וואונדער וואָס ער האָט געטאָן,
זיינע צייכנס, און די משפטים פון זיין מויל,
[13] איר זאָמען פון ישׂראל זיין קנעכט,
איר קינדער פון יעקב, זיינע אויסדערוויילטע.

[14] ער איז יהוה אונדזער גאָט,
איבער דער גאַנצער ערד זיינען זיינע משפטים.
[15] געדענקט אייביק זיין בונד,
דאָס וואָרט וואָס ער האָט באַפוילן אויף טויזנט דורות.
[16] וואָס ער האָט געשלאָסן מיט אַברהמען,
און זיין שבועה צו יצחקן.
[17] און ער האָט עס אויפגעשטעלט פאַר אַ חֹק צו יעקב,
פאַר אַן אייביקן בונד צו ישׂראל,
[18] אַזוי צו זאָגן: דיר וועל איך געבן דאָס לאַנד כּנַעַן,
דעם טייל פון אייער נחלה.

[19] אַז איר זייט געווען געציילטע מענטשן,
ווינציק און פרעמדע דערין;
[20] און זיי זיינען אומגעגאַנגען פון פאָלק צו פאָלק,
און פון איין קיניגרייך צו אַן אַנדער אומה,

יְהוָה בִּתְרוּעָה וּבְקוֹל שׁוֹפָר וּבַחֲצֹצְרוֹת וּבִמְצִלְתָּיִם
כט מַשְׁמִעִים בִּנְבָלִים וְכִנֹּרוֹת׃ וַיְהִי אֲרוֹן בְּרִית יְהוָה בָּא
עַד־עִיר דָּוִיד וּמִיכַל בַּת־שָׁאוּל נִשְׁקְפָה ׀ בְּעַד הַחַלּוֹן
וַתֵּרֶא אֶת־הַמֶּלֶךְ דָּוִיד מְרַקֵּד וּמְשַׂחֵק וַתִּבֶז לוֹ בְּלִבָּהּ׃

טז

א וַיָּבִיאוּ אֶת־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וַיַּצִּיגוּ אֹתוֹ בְּתוֹךְ הָאֹהֶל אֲשֶׁר
נָטָה־לוֹ דָּוִיד וַיַּקְרִיבוּ עֹלוֹת וּשְׁלָמִים לִפְנֵי הָאֱלֹהִים׃
ב וַיְכַל דָּוִיד מֵהַעֲלוֹת הָעֹלָה וְהַשְּׁלָמִים וַיְבָרֶךְ אֶת־הָעָם
ג בְּשֵׁם יְהוָה׃ וַיְחַלֵּק לְכָל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל מֵאִישׁ וְעַד־אִשָּׁה
ד לְאִישׁ כִּכַּר־לֶחֶם וְאֶשְׁפָּר וַאֲשִׁישָׁה׃ וַיִּתֵּן לִפְנֵי אֲרוֹן
יְהוָה מִן־הַלְוִיִּם מְשָׁרְתִים וּלְהַזְכִּיר וּלְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל
ה לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ אָסָף הָרֹאשׁ וּמִשְׁנֵהוּ זְכַרְיָה
יְעִיאֵל וּשְׁמִירָמוֹת וִיחִיאֵל וּמַתִּתְיָה וֶאֱלִיאָב וּבְנָיָהוּ וְעֹבֵד
אֱדֹם וִיעִיאֵל בִּכְלֵי נְבָלִים וּבְכִנֹּרוֹת וְאָסָף בַּמְצִלְתַּיִם
ו מַשְׁמִיעַ׃ וּבְנָיָהוּ וְיַחֲזִיאֵל הַכֹּהֲנִים בַּחֲצֹצְרוֹת תָּמִיד לִפְנֵי
ז אֲרוֹן בְּרִית־הָאֱלֹהִים׃ בַּיּוֹם הַהוּא אָז נָתַן דָּוִיד בָּרֹאשׁ
ח לְהֹדוֹת לַיהוָה בְּיַד־אָסָף וְאֶחָיו׃ הוֹדוּ לַיהוָה קִרְאוּ
ט בִשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילֹתָיו׃ שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ
י בְּכָל־נִפְלְאֹתָיו׃ הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי
יא יב יְהוָה׃ דִּרְשׁוּ יְהוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד׃ זִכְרוּ
יג נִפְלְאֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי־פִיהוּ׃ זֶרַע יִשְׂרָאֵל
יד עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו׃ הוּא יְהוָה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־הָאָרֶץ
טו מִשְׁפָּטָיו׃ זִכְרוּ לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר׃
טז יז אֲשֶׁר כָּרַת אֶת־אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִצְחָק׃ וַיַּעֲמִידֶהָ
יח לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם׃ לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן
יט אֶרֶץ־כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם׃ בִּהְיוֹתְכֶם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט
כ וְגָרִים בָּהּ׃ וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל־גּוֹי וּמִמַּמְלָכָה אֶל־עַם

טז, יח׳ קמץ בז״ק

כא אַחֵר׃ לֹא־הִנִּיחַ לְאִישׁ לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים׃
כב כג אַל־תִּגְּעוּ בִּמְשִׁיחָי וּבִנְבִיאַי אַל־תָּרֵעוּ׃ שִׁירוּ לַיהוָה
כד כָּל־הָאָרֶץ בַּשְּׂרוּ מִיּוֹם־אֶל־יוֹם יְשׁוּעָתוֹ׃ סַפְּרוּ בַגּוֹיִם
כה אֶת־כְּבוֹדוֹ בְּכָל־הָעַמִּים נִפְלְאֹתָיו׃ כִּי גָדוֹל יְהוָה וּמְהֻלָּל
כו מְאֹד וְנוֹרָא הוּא עַל־כָּל־אֱלֹהִים׃ כִּי כָּל־אֱלֹהֵי הָעַמִּים
כז אֱלִילִים וַיהוָה שָׁמַיִם עָשָׂה׃ הוֹד וְהָדָר לְפָנָיו עֹז וְחֶדְוָה
כח בִּמְקֹמוֹ׃ הָבוּ לַיהוָה מִשְׁפְּחוֹת עַמִּים הָבוּ לַיהוָה כָּבוֹד
כט וָעֹז׃ הָבוּ לַיהוָה כְּבוֹד שְׁמוֹ שְׂאוּ מִנְחָה וּבֹאוּ לְפָנָיו
ל הִשְׁתַּחֲווּ לַיהוָה בְּהַדְרַת־קֹדֶשׁ׃ חִילוּ מִלְּפָנָיו כָּל־הָאָרֶץ
לא אַף־תִּכּוֹן תֵּבֵל בַּל־תִּמּוֹט׃ יִשְׂמְחוּ הַשָּׁמַיִם וְתָגֵל הָאָרֶץ
לב וְיֹאמְרוּ בַגּוֹיִם יְהוָה מָלָךְ׃ יִרְעַם הַיָּם וּמְלוֹאוֹ יַעֲלֹץ
לג הַשָּׂדֶה וְכָל־אֲשֶׁר־בּוֹ׃ אָז יְרַנְּנוּ עֲצֵי הַיָּעַר מִלִּפְנֵי יְהוָה
לד כִּי־בָא לִשְׁפּוֹט אֶת־הָאָרֶץ׃ הוֹדוּ לַיהוָה כִּי טוֹב כִּי
לה לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ וְאִמְרוּ הוֹשִׁיעֵנוּ אֱלֹהֵי יִשְׁעֵנוּ וְקַבְּצֵנוּ
וְהַצִּילֵנוּ מִן־הַגּוֹיִם לְהֹדוֹת לְשֵׁם קָדְשֶׁךָ לְהִשְׁתַּבֵּחַ
לו בִּתְהִלָּתֶךָ׃ בָּרוּךְ יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מִן־הָעוֹלָם וְעַד־
לז הָעֹלָם וַיֹּאמְרוּ כָל־הָעָם אָמֵן וְהַלֵּל לַיהוָה׃ וַיַּעֲזָב־
שָׁם לִפְנֵי אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה לְאָסָף וּלְאֶחָיו לְשָׁרֵת לִפְנֵי
לח הָאָרוֹן תָּמִיד לִדְבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ׃ וְעֹבֵד אֱדֹם וַאֲחֵיהֶם
שִׁשִּׁים וּשְׁמוֹנָה וְעֹבֵד אֱדֹם בֶּן־יְדִיתוּן וְחֹסָה לְשֹׁעֲרִים׃
לט וְאֵת ׀ צָדוֹק הַכֹּהֵן וְאֶחָיו הַכֹּהֲנִים לִפְנֵי מִשְׁכַּן יְהוָה
מ בַּבָּמָה אֲשֶׁר בְּגִבְעוֹן׃ לְהַעֲלוֹת עֹלוֹת לַיהוָה עַל־מִזְבַּח
הָעֹלָה תָּמִיד לַבֹּקֶר וְלָעָרֶב וּלְכָל־הַכָּתוּב בְּתוֹרַת יְהוָה
מא אֲשֶׁר צִוָּה עַל־יִשְׂרָאֵל׃ וְעִמָּהֶם הֵימָן וִידוּתוּן וּשְׁאָר
הַבְּרוּרִים אֲשֶׁר נִקְּבוּ בְּשֵׁמוֹת לְהֹדוֹת לַיהוָה כִּי לְעוֹלָם
מב חַסְדּוֹ׃ וְעִמָּהֶם הֵימָן וִידוּתוּן חֲצֹצְרוֹת וּמְצִלְתַּיִם לְמַשְׁמִיעִים

---

כב׳ קמץ בז״ק לה׳ כצ״ל

21 האָט ער ניט געלאָזן אַ מענטשן זיי דריקן,
און האָט געשטראָפט מלכים וועגן זיי:
22 איר זאָלט ניט אָנרירן מײַנע געזאַלבטע,
און מײַנע נביאים ניט בייז טאָן.

23 זינגט צו גאָט, די גאַנצע ערד,
זאָגט אָן פון טאָג צו טאָג זײַן ישועה.
24 דערציילט צווישן די פעלקער זײַן כבוד,
צווישן אַלע אומות זײַנע וווּנדער.
25 וואָרום גרויס איז יהוה און זייער געריַמט,
און ער איז פאָרכטיק איבער אַלע געטער.
26 וואָרום די געטער פון אַלע פעלקער זײַנען נישטיק,
און יהוה האָט די הימלען געמאַכט.
27 גלאַנץ און שיינקייט זײַנען פאַר זײַן פּנים,
שטאַרקייט און פרייד זײַנען אין זײַן אָרט.
28 גיט צו גאָט, איר משפחות פון די פעלקער,
גיט צו גאָט כבוד און שטאַרקייט.
29 גיט צו גאָט דעם כבוד פון זײַן נאָמען,
ברענגט אַ געשאַנק, און קומט פאַר אים,
בוקט זיך צו גאָט מיט הייליקן אָפּשיי.
30 ציטערט פאַר אים, די גאַנצע ערד;
אויך איז באַפעסטיקט די וועלט, זי זאָל זיך ניט וואַקלען,
31 זאָלן זיך פרייען די הימלען, און לוסטיק זײַן די ערד,
און זאָל מען זאָגן צווישן די פעלקער: גאָט טוט קיניגן.
32 זאָל דונערן דער ים מיט זײַן פולקייט,
זאָל פריילעך זײַן דאָס פעלד און אַלץ וואָס דערין.
33 דענסמאָל זאָלן זינגען די ביימער פון וואַלד פאַר גאָט,
וואָרום ער קומט משפטן די ערד.

34 ניט אַ דאַנק צו גאָט, וואָרום ער איז גוט,
וואָרום אויף אייביק איז זײַן חסד.
35 און זאָגט: העלף אונדז, גאָט פון אונדזער הילף,
און זאַמל אונדז אײַן, און זיי אונדז מציל פון די פעלקער,
צו לויבן דײַן הייליקן נאָמען,
זיך צו רימען מיט דײַן לויב.
36 געלויבט איז יהוה דער גאָט פון ישראל
פון אייביקייט און ביז אייביקייט.
און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזאָגט: אָמן! און האָט געלויבט גאָט.

37 און ער האָט דאָרטן געלאָזן פאַר דעם אָרון פון גאָטס בונד אָסָפן און זײַנע ברידער צו באַדינען פאַרן אָרון תּמיד ווי עס איז נייטיק טאָגטעגלעך. 38 און עוֹבֵד־אֱדוֹמען, און זייערע ברידער, אַכט און זעכציק, און עוֹבֵד־אֱדוֹם דעם זון פון ידיתונען, און חוֹסָהן, פאַר טויערלייט. 39 און צָדוֹק דעם כּהן, און זײַנע ברידער די כּהנים, פאַר דעם מִשכּן פון גאָט אויף דער בָּמָה וואָס אין גִבְעוֹן, 40 אויפצוברענגען בראַנדאָפּפער צו גאָט אויף דעם מזבח פאַר בראַנדאָפּפער תּמיד, אין דער פרי און אין אָוונט, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דער תּורה פון גאָט וואָס ער האָט באַפוילן ישׂראל. 41 און מיט זיי זײַנען געווען הֵימָן, און ידותון, און די איבעריקע אויסגעקליבענע וואָס זײַנען געווען אָנגערופן מיט נעמען, אויף צו „לויבן גאָט, ווײַל אויף אייביק איז זײַן חסד". 42 און מיט זיי, מיט הֵימָנען און ידותונען, זײַנען געווען

טרומייטן און צימבלען צום שפּילן, און כּלֵי־זֶמֶר פֿאַר דעם געזאַנג פֿון גאָט; און די זין פֿון ידותונען זיינען געווען ביים טויער.

43 און דאָס גאַנצע פֿאָלק איז אַוועק איטלעכער צו זיין הויז, און דוד האָט זיך אומגעקערט צו בּענטשן זיין הויזגעזינט.

## יז

1 און עס איז געווען, אַז דוד האָט זיך באַזעצט אין זיין הויז, האָט דוד געזאָגט צו נָתָן דעם נביא: זע, איך זיץ אין אַ הויז פֿון צעדערן, און דער אָרון פֿון גאָטס בּונד איז אונטער פֿאָרהאַנגען. 2 האָט נָתָן געזאָגט צו דודן: אַלץ וואָס אין דיין האַרצן, טו, וואָרום גאָט איז מיט דיר. 3 און עס איז געווען אין יענער נאַכט, איז דאָס וואָרט פֿון גאָט געווען צו נָתָנען, אַזוי צו זאָגן: 4 גיי און זאָלסט זאָגן צו מיין קנעכט דודן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: ניט דו וועסט מיר בּויען אַ הויז צום ווינען; 5 וואָרום איך האָב ניט געוווינט אין אַ הויז פֿון דעם טאָג וואָס איך האָב אויפֿגעבּראַכט ישׂראל בּיז אויף הייִנטיקן טאָג; נייערט איך בּין געגאַנגען פֿון געצעלט צו געצעלט, און פֿון מִשכּן [צו מִשכּן]. 6 אומעטום ווו איך בּין אומגעגאַנגען צווישן גאַנץ ישׂראל, האָב איך ווען אַ וואָרט גערעדט מיט איינעם פֿון די ריכטער פֿון ישׂראל, וואָס איך האָב בּאַפֿוילן צו פּיטערן מיין פֿאָלק, אַזוי צו זאָגן: פֿאַרוואָס האָט איר מיר ניט גע־בּויט אַ הויז פֿון צעדערן? 7 און אַצונד, זאָלסטו אַזוי זאָגן צו מיין קנעכט, צו דודן: אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבָאות: איך האָב דיך גענומען פֿון דעם פּיטערפּלאַץ, פֿון הינטער די שאָף, צו זיין אַ פֿירשט איבּער מיין פֿאָלק ישׂראל. 8 און איך בּין געווען מיט דיר אומעטום ווו דו בּיסט געגאַנגען, און איך האָב פֿאַרשניטן אַלע דיינע פֿיינט פֿון פֿאַר דיר; און איך וועל דיר מאַכן אַ נאָמען, אַזוי ווי דער נאָמען פֿון די גרעסטע וואָס אויף דער ערד. 9 און איך וועל מאַכן אַן אָרט פֿאַר מיין פֿאָלק ישׂראל, און וועל אים איינפֿלאַנצן ער זאָל רוען אויף זיין אָרט, און מער ניט ציטערן, און פֿאַרבּרעכער זאָלן אים מער ניט אומבּרענגען אַזוי ווי פֿריער, 10 פֿון די טעג וואָס איך האָב בּאַפֿוילן ריכטער איבּער מיין פֿאָלק ישׂראל. און איך וועל מאַכן אונטערטעניק אַלע דיינע פֿיינט. און איך זאָג דיר אָן, אַז גאָט וועט דיר בּויען אַ הויז. 11 און עס וועט זיין, אַז דיינע טעג וועלן דערפֿילט ווערן צו גיין צו דיינע עלטערן, וועל איך אויפֿשטעלן דיין זאָמען נאָך דיר, וואָס וועט זיין פֿון דיינע קינדער, און איך וועל בּאַפֿעסטיקן זיין מלוכה. 12 ער וועט מיר בּויען אַ הויז, און איך וועל בּאַפֿעסטיקן זיין טראָן אויף אייבּיק. 13 איך וועל אים זיין פֿאַר אַ פֿאָטער, און ער וועט מיר זיין פֿאַר אַ זון, און איך וועל ניט אָפּטאָן מיין חסד פֿון אים, אַזוי ווי איך האָב אָפּגעטאָן פֿון דעם וואָס איז געווען פֿאַר דיר. 14 און איך וועל אים אויפֿשטעלן אין מיין הויז און אין מיין קיניגרייך בּיז אויף אייבּיק, און זיין טראָן וועט זיין פֿעסט בּיז אייבּיק.

מג וּכְלֵי שִׁיר הָאֱלֹהִים וּבְנֵי יְדוּתוּן לַשָּׁעַר׃ וַיֵּלְכוּ כָל־הָעָם
אִישׁ לְבֵיתוֹ וַיִּסֹּב דָּוִיד לְבָרֵךְ אֶת־בֵּיתוֹ׃

יז

א וַיְהִי כַּאֲשֶׁר יָשַׁב דָּוִיד בְּבֵיתוֹ וַיֹּאמֶר דָּוִיד אֶל־נָתָן הַנָּבִיא
הִנֵּה אָנֹכִי יוֹשֵׁב בְּבֵית הָאֲרָזִים וַאֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה תַּחַת
ב יְרִיעוֹת׃ וַיֹּאמֶר נָתָן אֶל־דָּוִיד כֹּל אֲשֶׁר בִּלְבָבְךָ עֲשֵׂה כִּי
ג הָאֱלֹהִים עִמָּךְ׃ וַיְהִי בַּלַּיְלָה הַהוּא וַיְהִי דְּבַר
ד אֱלֹהִים אֶל־נָתָן לֵאמֹר׃ לֵךְ וְאָמַרְתָּ אֶל־דָּוִיד עַבְדִּי כֹּה
ה אָמַר יְהוָה לֹא אַתָּה תִּבְנֶה־לִּי הַבַּיִת לָשָׁבֶת׃ כִּי לֹא
יָשַׁבְתִּי בְּבַיִת מִן־הַיּוֹם אֲשֶׁר הֶעֱלֵיתִי אֶת־יִשְׂרָאֵל עַד
ו הַיּוֹם הַזֶּה וָאֶהְיֶה מֵאֹהֶל אֶל־אֹהֶל וּמִמִּשְׁכָּן׃ בְּכֹל אֲשֶׁר־
הִתְהַלַּכְתִּי בְּכָל־יִשְׂרָאֵל הֲדָבָר דִּבַּרְתִּי אֶת־אַחַד שֹׁפְטֵי
יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר צִוִּיתִי לִרְעוֹת אֶת־עַמִּי לֵאמֹר לָמָּה לֹא־
ז בְנִיתֶם לִי בֵּית אֲרָזִים׃ וְעַתָּה כֹּה תֹאמַר לְעַבְדִּי לְדָוִיד
כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֲנִי לְקַחְתִּיךָ מִן־הַנָּוֶה מִן־אַחֲרֵי
ח הַצֹּאן לִהְיוֹת נָגִיד עַל עַמִּי יִשְׂרָאֵל׃ וָאֶהְיֶה עִמְּךָ בְּכֹל
אֲשֶׁר הָלַכְתָּ וָאַכְרִית אֶת־כָּל־אוֹיְבֶיךָ מִפָּנֶיךָ וְעָשִׂיתִי לְךָ
ט שֵׁם כְּשֵׁם הַגְּדוֹלִים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ׃ וְשַׂמְתִּי מָקוֹם לְעַמִּי
יִשְׂרָאֵל וּנְטַעְתִּיהוּ וְשָׁכַן תַּחְתָּיו וְלֹא יִרְגַּז עוֹד וְלֹא־יוֹסִיפוּ
י בְנֵי־עַוְלָה לְבַלֹּתוֹ כַּאֲשֶׁר בָּרִאשׁוֹנָה׃ וּלְמִיָּמִים אֲשֶׁר
צִוִּיתִי שֹׁפְטִים עַל־עַמִּי יִשְׂרָאֵל וְהִכְנַעְתִּי אֶת־כָּל־אוֹיְבֶיךָ
יא וָאַגִּד לָךְ וּבַיִת יִבְנֶה־לְּךָ יְהוָה׃ וְהָיָה כִּי־מָלְאוּ יָמֶיךָ
לָלֶכֶת עִם־אֲבֹתֶיךָ וַהֲקִימוֹתִי אֶת־זַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ אֲשֶׁר
יב יִהְיֶה מִבָּנֶיךָ וַהֲכִינוֹתִי אֶת־מַלְכוּתוֹ׃ הוּא יִבְנֶה־לִּי בָּיִת
יג וְכֹנַנְתִּי אֶת־כִּסְאוֹ עַד־עוֹלָם׃ אֲנִי אֶהְיֶה־לּוֹ לְאָב וְהוּא
יִהְיֶה־לִּי לְבֵן וְחַסְדִּי לֹא־אָסִיר מֵעִמּוֹ כַּאֲשֶׁר הֲסִירוֹתִי
יד מֵאֲשֶׁר הָיָה לְפָנֶיךָ׃ וְהַעֲמַדְתִּיהוּ בְּבֵיתִי וּבְמַלְכוּתִי עַד־
טו הָעוֹלָם וְכִסְאוֹ יִהְיֶה נָכוֹן עַד־עוֹלָם׃ כְּכֹל הַדְּבָרִים

ט׳ בס״א לכלתו

הָאֵלֶּה וּכְכֹל הֶחָזוֹן הַזֶּה כֵּן דִּבֶּר נָתָן אֶל־דָּוִיד׃
וַיָּבֹא הַמֶּלֶךְ דָּוִיד וַיֵּשֶׁב לִפְנֵי יְהוָה וַיֹּאמֶר מִי־אֲנִי יְהוָה טז
אֱלֹהִים וּמִי בֵיתִי כִּי הֲבִיאֹתַנִי עַד־הֲלֹם׃ וַתִּקְטַן זֹאת יז
בְּעֵינֶיךָ אֱלֹהִים וַתְּדַבֵּר עַל־בֵּית עַבְדְּךָ לְמֵרָחוֹק וּרְאִיתַנִי
כְּתוֹר הָאָדָם הַמַּעֲלָה יְהוָה אֱלֹהִים׃ מַה־יּוֹסִיף עוֹד דָּוִיד יח
אֵלֶיךָ לְכָבוֹד אֶת־עַבְדֶּךָ וְאַתָּה אֶת־עַבְדְּךָ יָדָעְתָּ׃ יְהוָה יט
בַּעֲבוּר עַבְדְּךָ וּכְלִבְּךָ עָשִׂיתָ אֵת כָּל־הַגְּדוּלָּה הַזֹּאת
לְהֹדִיעַ אֶת־כָּל־הַגְּדֻלּוֹת׃ יְהוָה אֵין כָּמוֹךָ וְאֵין אֱלֹהִים כ
זוּלָתֶךָ בְּכֹל אֲשֶׁר־שָׁמַעְנוּ בְּאָזְנֵינוּ׃ וּמִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל כא
גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ אֲשֶׁר הָלַךְ הָאֱלֹהִים לִפְדּוֹת לוֹ עָם
לָשׂוּם לְךָ שֵׁם גְּדֻלּוֹת וְנֹרָאוֹת לְגָרֵשׁ מִפְּנֵי עַמְּךָ אֲשֶׁר־
פָּדִיתָ מִמִּצְרַיִם גּוֹיִם׃ וַתִּתֵּן אֶת־עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל ׀ לְךָ לְעָם כב
עַד־עוֹלָם וְאַתָּה יְהוָה הָיִיתָ לָהֶם לֵאלֹהִים׃ וְעַתָּה יְהוָה כג
הַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ עַל־עַבְדְּךָ וְעַל־בֵּיתוֹ יֵאָמֵן עַד־עוֹלָם
וַעֲשֵׂה כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ׃ וְיֵאָמֵן וְיִגְדַּל שִׁמְךָ עַד־עוֹלָם כד
לֵאמֹר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֱלֹהִים לְיִשְׂרָאֵל
וּבֵית־דָּוִיד עַבְדְּךָ נָכוֹן לְפָנֶיךָ׃ כִּי ׀ אַתָּה אֱלֹהַי גָּלִיתָ כה
אֶת־אֹזֶן עַבְדְּךָ לִבְנוֹת לוֹ בָּיִת עַל־כֵּן מָצָא עַבְדְּךָ
לְהִתְפַּלֵּל לְפָנֶיךָ׃ וְעַתָּה יְהוָה אַתָּה־הוּא הָאֱלֹהִים וַתְּדַבֵּר כו
עַל־עַבְדְּךָ הַטּוֹבָה הַזֹּאת׃ וְעַתָּה הוֹאַלְתָּ לְבָרֵךְ אֶת־ כז
בֵּית עַבְדְּךָ לִהְיוֹת לְעוֹלָם לְפָנֶיךָ כִּי־אַתָּה יְהוָה בֵּרַכְתָּ
וּמְבֹרָךְ לְעוֹלָם׃

## יח

וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַיַּךְ דָּוִיד אֶת־פְּלִשְׁתִּים וַיַּכְנִיעֵם וַיִּקַּח אֶת־ א
גַּת וּבְנֹתֶיהָ מִיַּד פְּלִשְׁתִּים׃ וַיַּךְ אֶת־מוֹאָב וַיִּהְיוּ מוֹאָב ב
עֲבָדִים לְדָוִיד נֹשְׂאֵי מִנְחָה׃ וַיַּךְ דָּוִיד אֶת־הֲדַדְעֶזֶר ג
מֶלֶךְ־צוֹבָה חֲמָתָה בְּלֶכְתּוֹ לְהַצִּיב יָדוֹ בִּנְהַר־פְּרָת׃

יז, יט׳ שורק עם הדגש    כ׳ בס״א ככל    כג׳ פתח בס״ס
יח, ג׳ בס״א הדדעזר וכן בכלם שבענין

[15] אַזוי ווי אַלע דידאָזיקע ווערטער, און אַזוי ווי דידאָזיקע גאַנצע זעאונג, אַזוי האָט נָתָן גערעדט צו דודן.

[16] און דער מלך דוד איז געקומען, און האָט זיך געזעצט פאַר גאָט, און האָט געזאָגט: ווער בין איך, גאָט דו האַר, און ווער איז מיין הויז, וואָס דו האָסט מיך געבראַכט ביז אַהער? [17] און דאָס, גאָט, איז נאָך געווען קליין אין דיינע אויגן, און דו האָסט גערעדט וועגן דעם הויז פון דיין קנעכט אויף ווייטער אַהין, און האָסט מיך באַטראַכט אין שטייגער פון אַ געהויבענעם מאַן, גאָט דו האַר. [18] וואָס מער נאָך קען דוד דיר זאָגן וועגן דעם כבוד צו דיין קנעכט? דו קענסט דאָך דיין קנעכט. [19] גאָט, פון וועגן דיין קנעכט, און לויט דיין האַרצן האָסטו געטאָן אַלדידאָזיקע גרויסקייט, צו לאָזן וויסן די אַלע גרויסע זאַכן. [20] יהוה, עס איז ניטאָ אַזאַ ווי דו, און ניטאָ קיין גאָט אַחוץ דיר, לויט אַלץ וואָס מיר האָבן געהערט מיט אונדזערע אויערן. [21] און וואָסער איינציקע אומה אויף דער ערד איז אַזוי ווי דיין פאָלק ישׂראל, וואָס גאָט איז געגאַנגען אויסלייזן פאַר זיך צום פאָלק, דיר צו מאַכן אַ נאָמען דורך גרויסע און פאָרכטיקע זאַכן — צו פאַרטרייבן אומות פון פאַר דיין פאָלק וואָס דו האָסט אויסגעלייזט פון מִצרַיִם? [22] וואָרום דו האָסט געמאַכט דיין פאָלק ישׂראל דיר צום פאָלק אויף אייביק, און דו, יהוה, ביסט געוואָרן זיי צום גאָט. [23] און אַצונד, גאָט, זאָל דאָס וואָרט וואָס דו האָסט גערעדט וועגן דיין קנעכט און וועגן זיין הויז באַוואָרט ווערן אויף אייביק, און טו אַזוי ווי דו האָסט גערעדט. [24] יאָ, זאָל עס באַוואָרט ווערן, און זאָל דיין נאָמען געגרייסט ווערן אויף אייביק, אַזוי צו זאָגן: יהוה פון צבָאוֹת איז דער גאָט פון ישׂראל — אַ גאָט פאַר ישׂראל, און דאָס הויז פון דוד דיין קנעכט זאָל זיין פעסט פאַר דיר. [25] וואָרום דו, מיין גאָט, האָסט אַנטפּלעקט דעם אויער פון דיין קנעכט, אים צו בויען אַ הויז, דרום האָט דיין קנעכט זיך דערוועגט מתפלל צו זיין פאַר דיר. [26] און אַצונד, יהוה, דו ביסט גאָט, און דו האָסט צוגעזאָגט דיין קנעכט דאָסדאָזיקע גוטס, [27] און האָסט אַצונד באַוויליקט צו בענטשן דאָס הויז פון דיין קנעכט, צו זיין אויף אייביק פאַר דיר; אַז דו, גאָט, האָסט געבענטשט, זאָל עס זיין געבענטשט אויף אייביק.

**יח** [1] און עס איז געווען נאָך דעם, האָט דוד געשלאָגן די פלשתים, און האָט זיי געמאַכט אונטערטעניק, און האָט צוגענומען גַת מיט אירע טעכטערשטעט פון דער האַנט פון די פלשתים.

[2] און ער האָט געשלאָגן מוֹאָב, און מוֹאָב איז געוואָרן צו דודן קנעכט וואָס ברענגען אָפּגאָב.

[3] און דוד האָט געשלאָגן הֲדַדעֶזֶר דעם מלך פון צוֹבָה אין חֲמָת, בעת ער איז געגאַנגען אויפשטעלן זיין איבערהאַנט

בײַם טײַך פְּרָת. 4 און דוד האָט באַצװוּנגען פון אים טױזנט רײַטװעגן, און זיבן טױזנט רײַטער, און צװאַנציק טױזנט מאַן פוסגײער; און דוד האָט געלײמט אַלע געשפּאַנען, נאָר הונדערט געשפּאַן האָט ער איבערגעלאָזט פון זײ.

5 איז אַרַם פון דַרמֶשֶׂק געקומען העלפן הֲדַדעֶזֶר דעם מלך פון צוֹבָה, און דוד האָט געשלאָגן פון די אֲרַמים צװײ און צװאַנציק טױזנט מאַן. 6 און דוד האָט געשטעלט [װאַכן] אין אֲרַם־דַרמֶשֶׂק, און אֲרָם איז געװאָרן צו דודן קנעכט װאָס ברענגען אָפּגאָב.

און גאָט האָט געהאָלפן דודן אומעטום װוּ ער איז געגאַנגען.

7 און דוד האָט גענומען די גילדערנע שילדן װאָס זײַנען געװען אויף הֲדַדעֶזֶרס קנעכט, און האָט זײ געבראַכט קײן ירושָלַיִם. 8 און פון טִבחַת, און פון כּוּן, הֲדַדעֶזֶרס שטעט, האָט דוד צוגענומען זײער פיל קופּער. דערפון האָט שלמה געמאַכט דעם קופּערנעם ים, און די זײַלן, און די קופּערנע כּלים.

9 און תּוֹעוּ דער מלך פון חֲמָת האָט געהערט אַז דוד האָט געשלאָגן דעם גאַנצן חיל פון הֲדַדעֶזֶר דעם מלך פון צוֹבָה, 10 און ער האָט געשיקט זײַן זון הֲדוֹרָמען צום מלך דוד אים צו פרעגן אויף פריד און אים אָנצווינטשן, פאַרװאָס ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט הֲדַדעֶזֶרן, און אים געשלאָגן – װאָרום הֲדַדעֶזֶר האָט געהאַט מלחמות מיט תּוֹעוּן – מיט אַלערלײ גילדערנע און זילבערנע און קופּערנע כּלים. 11 זײ אויך האָט דער מלך דוד געהײליקט צו גאָט, מיט דעם זילבער און דעם גאָלד װאָס ער האָט אַװעקגענומען פון אַלע פעלקער: פון אֱדוֹם, און פון מוֹאָב, און פון די קינדער פון עַמוֹן, און פון די פּלִשתּים, און פון עֲמָלֵק.

12 און אַבשַׁי דער זון פון צרוּיָהן האָט געשלאָגן פון אֱדוֹם אין דעם טאָל פון זאַלץ אַכצן טױזנט. 13 און ער האָט געשטעלט װאַכן אין אֱדוֹם, און גאַנץ אֱדוֹם איז געװאָרן קנעכט צו דודן.

און גאָט האָט געהאָלפן דודן אומעטום װוּ ער איז געגאַנגען. 14 און דוד האָט געקיניגט איבער גאַנץ ישׂראל, און ער האָט געטאָן רעכט און גערעכטיקײט צו זײַן גאַנצן פאָלק.

15 און יוֹאָב דער זון פון צרוּיָהן איז געװען איבערן חיל; און יהוֹשָׁפָט דער זון פון אַחילוּדן, דער דערמאָנער. 16 און צָדוֹק דער זון פון אַחיטוּבן, און אַבימֶלֶך דער זון פון אֶביָתָרן, כּהנים; און שַׁוְשָׁא, דער שרײַבער. 17 און בּנָיָהוּ דער זון פון יהוֹיָדָען, איבער די כּרֵתים און די פּלֵתים; און די זין פון דודן, די ערשטע בײַ דער האַנט פון מלך.

ד וַיִּלְכֹּד דָּוִיד מִמֶּנּוּ אֶלֶף רֶכֶב וְשִׁבְעַת אֲלָפִים פָּרָשִׁים
וְעֶשְׂרִים אֶלֶף אִישׁ רַגְלִי וַיְעַקֵּר דָּוִיד אֶת־כָּל־הָרֶכֶב
ה וַיּוֹתֵר מִמֶּנּוּ מֵאָה רָכֶב׃ וַיָּבֹא אֲרַם דַּרְמֶשֶׂק לַעְזוֹר
לַהֲדַדְעֶזֶר מֶלֶךְ צוֹבָה וַיַּךְ דָּוִיד בַּאֲרָם עֶשְׂרִים וּשְׁנַיִם
ו אֶלֶף אִישׁ׃ וַיָּשֶׂם דָּוִיד בַּאֲרַם דַּרְמֶשֶׂק וַיְהִי אֲרָם לְדָוִיד
עֲבָדִים נֹשְׂאֵי מִנְחָה וַיּוֹשַׁע יְהוָה לְדָוִיד בְּכֹל אֲשֶׁר הָלָךְ׃
ז וַיִּקַּח דָּוִיד אֵת שִׁלְטֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר הָיוּ עַל עַבְדֵי הֲדַדְעָזֶר
ח וַיְבִיאֵם יְרוּשָׁלִָם׃ וּמִטִּבְחַת וּמִכּוּן עָרֵי הֲדַדְעֶזֶר לָקַח
דָּוִיד נְחֹשֶׁת רַבָּה מְאֹד בָּהּ ׀ עָשָׂה שְׁלֹמֹה אֶת־יָם הַנְּחֹשֶׁת
ט וְאֶת־הָעַמּוּדִים וְאֵת כְּלֵי הַנְּחֹשֶׁת׃ וַיִּשְׁמַע תֹּעוּ
מֶלֶךְ חֲמָת כִּי הִכָּה דָוִיד אֶת־כָּל־חֵיל הֲדַדְעֶזֶר מֶלֶךְ
י צוֹבָה׃ וַיִּשְׁלַח אֶת־הֲדוֹרָם־בְּנוֹ אֶל־הַמֶּלֶךְ דָּוִיד לִשְׁאוֹל־
לוֹ לְשָׁלוֹם וּלְבָרְכוֹ עַל אֲשֶׁר נִלְחַם בַּהֲדַדְעֶזֶר וַיַּכֵּהוּ כִּי
אִישׁ־מִלְחֲמוֹת תֹּעוּ הָיָה הֲדַדְעָזֶר וְכֹל כְּלֵי זָהָב וָכֶסֶף
יא וּנְחֹשֶׁת׃ גַּם־אֹתָם הִקְדִּישׁ הַמֶּלֶךְ דָּוִיד לַיהוָה עִם־הַכֶּסֶף
וְהַזָּהָב אֲשֶׁר נָשָׂא מִכָּל־הַגּוֹיִם מֵאֱדוֹם וּמִמּוֹאָב וּמִבְּנֵי
יב עַמּוֹן וּמִפְּלִשְׁתִּים וּמֵעֲמָלֵק׃ וְאַבְשַׁי בֶּן־צְרוּיָה הִכָּה אֶת־
יג אֱדוֹם בְּגֵיא הַמֶּלַח שְׁמוֹנָה עָשָׂר אָלֶף׃ וַיָּשֶׂם בֶּאֱדוֹם
נְצִיבִים וַיִּהְיוּ כָל־אֱדוֹם עֲבָדִים לְדָוִיד וַיּוֹשַׁע יְהוָה אֶת־
יד דָּוִיד בְּכֹל אֲשֶׁר הָלָךְ׃ וַיִּמְלֹךְ דָּוִיד עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל
טו וַיְהִי עֹשֶׂה מִשְׁפָּט וּצְדָקָה לְכָל־עַמּוֹ׃ וְיוֹאָב בֶּן־צְרוּיָה
טז עַל־הַצָּבָא וִיהוֹשָׁפָט בֶּן־אֲחִילוּד מַזְכִּיר׃ וְצָדוֹק בֶּן
אֲחִיטוּב וַאֲבִימֶלֶךְ בֶּן־אֶבְיָתָר כֹּהֲנִים וְשַׁוְשָׁא סוֹפֵר׃
יז וּבְנָיָהוּ בֶּן־יְהוֹיָדָע עַל־הַכְּרֵתִי וְהַפְּלֵתִי וּבְנֵי־דָוִיד הָרִאשֹׁנִים
לְיַד הַמֶּלֶךְ׃

## יט

א וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַיָּמָת נָחָשׁ מֶלֶךְ בְּנֵי־עַמּוֹן וַיִּמְלֹךְ בְּנוֹ

יח, י׳ יורם

יט 1 און עס איז געװען נאָך דעם, איז געשטאָרבן נָחָשׁ דער מלך פון די קינדער פון עַמוֹן, און זײַן זון איז געװאָרן מלך

תַּחְתָּיו׃ וַיֹּאמֶר דָּוִיד אֶעֱשֶׂה־חֶסֶד ׀ עִם־חָנוּן בֶּן־נָחָשׁ כִּי־ ב
עָשָׂה אָבִיו עִמִּי חֶסֶד וַיִּשְׁלַח דָּוִיד מַלְאָכִים לְנַחֲמוֹ עַל־
אָבִיו וַיָּבֹאוּ עַבְדֵי דָוִיד אֶל־אֶרֶץ בְּנֵי־עַמּוֹן אֶל־חָנוּן
לְנַחֲמוֹ׃ וַיֹּאמְרוּ שָׂרֵי בְנֵי־עַמּוֹן לְחָנוּן הַמְכַבֵּד דָּוִיד אֶת־ ג
אָבִיךָ בְּעֵינֶיךָ כִּי־שָׁלַח לְךָ מְנַחֲמִים הֲלֹא בַּעֲבוּר לַחְקֹר
וְלַהֲפֹךְ וּלְרַגֵּל הָאָרֶץ בָּאוּ עֲבָדָיו אֵלֶיךָ׃ וַיִּקַּח חָנוּן אֶת־ ד
עַבְדֵי דָוִיד וַיְגַלְּחֵם וַיִּכְרֹת אֶת־מַדְוֵיהֶם בַּחֵצִי עַד־
הַמִּפְשָׂעָה וַיְשַׁלְּחֵם׃ וַיֵּלְכוּ וַיַּגִּידוּ לְדָוִיד עַל־הָאֲנָשִׁים ה
וַיִּשְׁלַח לִקְרָאתָם כִּי־הָיוּ הָאֲנָשִׁים נִכְלָמִים מְאֹד וַיֹּאמֶר
הַמֶּלֶךְ שְׁבוּ בִירֵחוֹ עַד אֲשֶׁר־יְצַמַּח זְקַנְכֶם וְשַׁבְתֶּם׃
וַיִּרְאוּ בְּנֵי עַמּוֹן כִּי הִתְבָּאֲשׁוּ עִם־דָּוִיד וַיִּשְׁלַח חָנוּן וּבְנֵי ו
עַמּוֹן אֶלֶף כִּכַּר־כֶּסֶף לִשְׂכֹּר לָהֶם מִן־אֲרַם נַהֲרַיִם וּמִן־
אֲרַם מַעֲכָה וּמִצּוֹבָה רֶכֶב וּפָרָשִׁים׃ וַיִּשְׂכְּרוּ לָהֶם שְׁנַיִם ז
וּשְׁלֹשִׁים אֶלֶף רֶכֶב וְאֶת־מֶלֶךְ מַעֲכָה וְאֶת־עַמּוֹ וַיָּבֹאוּ
וַיַּחֲנוּ לִפְנֵי מֵידְבָא וּבְנֵי עַמּוֹן נֶאֶסְפוּ מֵעָרֵיהֶם וַיָּבֹאוּ
לַמִּלְחָמָה׃ וַיִּשְׁמַע דָּוִיד וַיִּשְׁלַח אֶת־יוֹאָב וְאֵת ח
כָּל־צָבָא הַגִּבּוֹרִים׃ וַיֵּצְאוּ בְּנֵי עַמּוֹן וַיַּעַרְכוּ מִלְחָמָה פֶּתַח ט
הָעִיר וְהַמְּלָכִים אֲשֶׁר־בָּאוּ לְבַדָּם בַּשָּׂדֶה׃ וַיַּרְא יוֹאָב י
כִּי־הָיְתָה פְנֵי־הַמִּלְחָמָה אֵלָיו פָּנִים וְאָחוֹר וַיִּבְחַר מִכָּל־
בָּחוּר בְּיִשְׂרָאֵל וַיַּעֲרֹךְ לִקְרַאת אֲרָם׃ וְאֵת יֶתֶר הָעָם יא
נָתַן בְּיַד אַבְשַׁי אָחִיו וַיַּעַרְכוּ לִקְרַאת בְּנֵי עַמּוֹן׃ וַיֹּאמֶר יב
אִם־תֶּחֱזַק מִמֶּנִּי אֲרָם וְהָיִיתָ לִּי לִתְשׁוּעָה וְאִם־בְּנֵי עַמּוֹן
יֶחֶזְקוּ מִמְּךָ וְהוֹשַׁעְתִּיךָ׃ חֲזַק וְנִתְחַזְּקָה בְּעַד־עַמֵּנוּ וּבְעַד יג
עָרֵי אֱלֹהֵינוּ וַיהוָה הַטּוֹב בְּעֵינָיו יַעֲשֶׂה׃ וַיִּגַּשׁ יוֹאָב וְהָעָם יד
אֲשֶׁר־עִמּוֹ לִפְנֵי אֲרָם לַמִּלְחָמָה וַיָּנוּסוּ מִפָּנָיו׃ וּבְנֵי עַמּוֹן טו
רָאוּ כִּי־נָס אֲרָם וַיָּנוּסוּ גַם־הֵם מִפְּנֵי אַבְשַׁי אָחִיו וַיָּבֹאוּ
הָעִירָה וַיָּבֹא יוֹאָב יְרוּשָׁלָםִ׃ וַיַּרְא אֲרָם כִּי נִגְּפוּ טז
לִפְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּשְׁלְחוּ מַלְאָכִים וַיּוֹצִיאוּ אֶת־אֲרָם אֲשֶׁר

אויף זיין אָרט. [2] האָט דוד געזאָגט: לאָמיך טאָן אַ פריינטלעכקייט מיט חָנון דעם זון פון נָחָש, וואָרום זיין פאָטער האָט געטאָן אַ פריינטלעכקייט מיט מיר.

און דוד האָט געשיקט שלוחים אים צו טרייסטן נאָך זיין פאָטער, און דודס קנעכט זיינען געקומען אין לאַנד פון די קינדער פון עַמון צו חָנונען, אים צו טרייסטן.

[3] האָבן די האַרן פון די קינדער פון עַמון געזאָגט צו חָנונען: מיינסטו אַז דוד וויל טאָן כבוד דיין פאָטער, וואָס ער האָט געשיקט צו דיר טרייסטער? דאָך נאָר אויסצופאָרשן און דורכצונישטערן און אויסצוקוקן דאָס לאַנד זיינען זיינע קנעכט געקומען צו דיר.

[4] האָט חָנון גענומען דודס קנעכט, און האָט זיי אָפּגעגאָלט, און אָפּגעשניטן זייערע קליידער אין העלפט, ביזן דיך, און האָט זיי אַוועקגעשיקט.

[5] איז מען געקומען און מע האָט אָנגעזאָגט דודן וועגן די מענטשן, און ער האָט זיי געשיקט אַנטקעגן, וואָרום די מענטשן האָבן זיך זייער געשעמט. און דער מלך האָט געלאָזט זאָגן: זיצט אין יריחו ביז אייערע בערד וועלן אָפּוואַקסן, און איר וועט זיך אומקערן.

[6] האָבן די קינדער פון עַמון געזען אַז זיי האָבן זיך פאַרמיאוסט ביי דודן, און חָנון און די קינדער פון עַמון האָבן געשיקט טויזנט צענטנער זילבער, כדי זיך אָנצודינגען פון אֲרַם־נַהֲרַיִם, און פון אֲרַם־מַעֲכָה, און פון צוֹבָה, רייטוועגן און רייטער. [7] און זיי האָבן זיך אָנגעדונגען צוויי און דרייסיק טויזנט רייטוועגן, און דעם מלך פון מַעֲכָה, און זיין פאָלק, און זיי זיינען געקומען, און האָבן געלאַגערט פאַר מֵידבאָ. און די קינדער פון עַמון האָבן זיך אייגעזאַמלט פון זייערע שטעט, און זיינען געקומען אויף מלחמה.

[8] און דוד האָט געהערט, און ער האָט געשיקט יוֹאָבן, און דעם גאַנצן חיל פון די גיבורים.

[9] און די קינדער פון עַמון זיינען אַרויסגעגאַנגען, און האָבן אָנגעריכט אַ מלחמה ביים אייַנגאַנג פון שטאָט; און די מלכים וואָס זיינען געקומען, זיינען געווען באַזונדער אין פעלד. [10] און יוֹאָב האָט געזען אַז דער פראָנט פון דער מלחמה איז קעגן אים פון פאָרנט און פון הינטן; האָט ער אויסגעקליבן פון אַלע געקליבענע פון ישׂראל, און אויסגעשטעלט אַקעגן אֲרָם. [11] און דאָס איבעריקע פאָלק האָט ער געגעבן אויף דער האַנט פון זיין ברודער אַבשַין, און זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אַקעגן די קינדער פון עַמון. [12] און ער האָט געזאָגט: אויב אֲרָם וועט זיין שטאַרקער פון מיר, וועסטו מיר זיין צו הילף, און אויב די קינדער פון עַמון וועלן זיין שטאַרקער פון דיר, וועל איך דיך העלפן. [13] זיי שטאַרק, און לאָמיר זיך שטאַרקן, פאַר אונדזער פאָלק און פאַר די שטעט פון אונדזער גאָט; און זאָל יהוה טאָן וואָס איז גוט אין זיינע אויגן.

[14] און יוֹאָב און דאָס פאָלק וואָס מיט אים האָבן גענענט אַנטקעגן אֲרָם אויף מלחמה, און זיי זיינען אַנטלאָפן פאַר אים. [15] און ווי די קינדער פון עַמון האָבן געזען אַז אֲרָם איז אַנטלאָפן, אַזוי זיינען זיי אויך אַנטלאָפן פאַר זיין ברודער אַבשַין, און זיינען אַריין אין שטאָט. און יוֹאָב איז אַוועק קיין ירושָלַיִם.

[16] און אֲרָם האָט געזען אַז זיי זיינען געשלאָגן פאַר ישׂראל, און זיי האָבן געשיקט שלוחים, און האָבן אַרויסגעבראַכט

אַרָם וואָס פון יענער זייט טייך, מיט שׁוֹפַך דעם חיל־פירער פון הַדַדעֶזֶרן זיי פאַרויס.

[17] איז אָנגעזאָגט געוואָרן דודן, און ער האָט אײַנגעזאַמלט גאַנץ ישׂראל, און איז אַריבער דעם יַרדן; און ער איז געקומען צו זיי, און האָט זיך אויסגעשטעלט אַקעגן זיי; און דוד האָט אָנגעריכט אַקעגן אַרָם אַ מלחמה, און זיי האָבן מלחמה געהאַלטן מיט אים. [18] און אַרָם איז אַנטלאָפן פאַר ישׂראל, און דוד האָט געהרגעט פון אַרָם זיבן טויזנט אויף רייטוועגן, און פערציק טויזנט מאַן פוסגייער; אויך שׁוֹפַך דעם חיל־פירער האָט ער געטייט.

[19] און די קנעכט פון הַדַדעֶזֶרן האָבן געזען אַז זיי זיינען געשלאָגן פאַר ישׂראל, און זיי האָבן געמאַכט שלום מיט דודן, און האָבן אים געדינט. און אַרָם האָט מער ניט געוואָלט העלפן די קינדער פון עַמוֹן.

כ [1] און עס איז געווען אין דער צייט פון דעם אומקער פון יאָר, אין דער צייט וואָס די מלכים גייען אַרויס אויף מלחמה, האָט יוֹאָב אַרויסגעפירט דעם קריג־חיל, און האָט פאַרוויסט דאָס לאַנד פון די קינדער פון עַמוֹן; און ער איז געקומען און האָט געלעגערט אויף רַבָּה — און דוד איז געזעסן אין ירושָׁלַיִם — און יוֹאָב האָט געשלאָגן רַבָּה, און האָט זי צעשטערט.

[2] און דוד האָט אַראָפּגענומען מַלכָּמס קרוין פון זיין קאָפּ; און ער האָט זי געפונען אַ צענטנער גאָלד אויפן וואָג, מיט טייער געשטיין אין איר. און זי איז אָנגעטאָן געוואָרן אויף דודס קאָפּ. און רויב פון דער שטאָט האָט ער אַרויסגעפירט זייער פיל. [3] און דאָס פאָלק וואָס אין איר האָט ער אַרויסגעפירט, און האָט זיי געשניטן מיט זעגן און מיט אַייזערנע דרעששליטנס, און מיט העק. און אַזוי פלעגט דוד טאָן צו אַלע שטעט פון די קינדער פון עַמוֹן. און דוד און דאָס גאַנצע פאָלק האָבן זיך אומגעקערט קיין ירושָׁלַיִם.

[4] און עס איז געווען נאָך דעם, האָט זיך אויפגעהויבן אַ מלחמה אין גֶזֶר מיט די פלִשתּים. דענסמאָל האָט סִבְּכַי פון חוּשָׁה דערשלאָגן סִפַּין פון די קינדער פון די רְפָאים, און זיי זיינען געוואָרן אונטערטעניק.

[5] און עס איז ווידער געווען אַ מלחמה מיט די פלִשתּים, און אֶלחָנָן דער זון פון יָעִירן האָט דערשלאָגן לַחמי דעם ברודער פון גָלְיַתן פון גַת, וואָס דער האָלץ פון זיין שפּיז איז געווען אַזוי ווי דער שטאַנג פון וועבער.

[6] און עס איז ווידער געווען אַ מלחמה אין גַת. איז דאָרטן געווען אַ מאַן פון אַ גרויסן וווּקס, וואָס זיינע פינגער זיינען געווען צו זעקס און זעקס — פיר און צוואַנציק; און ער אויך איז געווען געבאָרן פון דעם רָפָא. [7] און ער האָט געלעסטערט ישׂראל; האָט אים יהוֹנָתָן דער זון פון שִׁמעָא, דודס ברודער, דערשלאָגן.

[8] די דאָזיקע זיינען געווען געבאָרן פון דעם רָפָא אין גַת; און זיי זיינען געפאַלן דורך דער האַנט פון דודן, און דורך דער האַנט פון זיינע קנעכט.

יז מֵעֵבֶר הַנָּהָר וְשׁוֹפַךְ שַׂר־צְבָא הֲדַדְעֶזֶר לִפְנֵיהֶם׃ וַיֻּגַּד
לְדָוִיד וַיֶּאֱסֹף אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲבֹר הַיַּרְדֵּן וַיָּבֹא אֲלֵהֶם
וַיַּעֲרֹךְ אֲלֵהֶם וַיַּעֲרֹךְ דָּוִיד לִקְרַאת אֲרָם מִלְחָמָה וַיִּלָּחֲמוּ
יח עִמּוֹ׃ וַיָּנָס אֲרָם מִלִּפְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּהֲרֹג דָּוִיד מֵאֲרָם
שִׁבְעַת אֲלָפִים רֶכֶב וְאַרְבָּעִים אֶלֶף אִישׁ רַגְלִי וְאֵת שׁוֹפַךְ
יט שַׂר־הַצָּבָא הֵמִית׃ וַיִּרְאוּ עַבְדֵי הֲדַדְעֶזֶר כִּי נִגְּפוּ לִפְנֵי
יִשְׂרָאֵל וַיַּשְׁלִימוּ עִם־דָּוִיד וַיַּעַבְדֻהוּ וְלֹא־אָבָה אֲרָם
לְהוֹשִׁיעַ אֶת־בְּנֵי־עַמּוֹן עוֹד׃

כ

א וַיְהִי לְעֵת תְּשׁוּבַת הַשָּׁנָה לְעֵת ׀ צֵאת הַמְּלָכִים וַיִּנְהַג
יוֹאָב אֶת־חֵיל הַצָּבָא וַיַּשְׁחֵת ׀ אֶת־אֶרֶץ בְּנֵי־עַמּוֹן וַיָּבֹא
וַיָּצַר אֶת־רַבָּה וְדָוִיד יֹשֵׁב בִּירוּשָׁלִָם וַיַּךְ יוֹאָב אֶת־רַבָּה
ב וַיֶּהֶרְסֶהָ׃ וַיִּקַּח דָּוִיד אֶת־עֲטֶרֶת מַלְכָּם מֵעַל רֹאשׁוֹ
וַיִּמְצָאָהּ ׀ מִשְׁקַל כִּכַּר־זָהָב וּבָהּ אֶבֶן יְקָרָה וַתְּהִי עַל־רֹאשׁ
ג דָּוִיד וּשְׁלַל הָעִיר הוֹצִיא הַרְבֵּה מְאֹד׃ וְאֶת־הָעָם אֲשֶׁר־
בָּהּ הוֹצִיא וַיָּשַׂר בַּמְּגֵרָה וּבַחֲרִיצֵי הַבַּרְזֶל וּבַמְּגֵרוֹת וְכֵן
יַעֲשֶׂה דָוִיד לְכֹל עָרֵי בְנֵי־עַמּוֹן וַיָּשָׁב דָּוִיד וְכָל־הָעָם
ד יְרוּשָׁלִָם׃ וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַתַּעֲמֹד מִלְחָמָה בְּגֶזֶר
עִם־פְּלִשְׁתִּים אָז הִכָּה סִבְּכַי הַחֻשָׁתִי אֶת־סִפַּי מִילִדֵי
ה הָרְפָאִים וַיִּכָּנֵעוּ׃ וַתְּהִי־עוֹד מִלְחָמָה אֶת־פְּלִשְׁתִּים
וַיַּךְ אֶלְחָנָן בֶּן־יָעִור אֶת־לַחְמִי אֲחִי גָּלְיָת הַגִּתִּי וְעֵץ חֲנִיתוֹ
ו כִּמְנוֹר אֹרְגִים׃ וַתְּהִי־עוֹד מִלְחָמָה בְּגַת וַיְהִי ׀ אִישׁ
מִדָּה וְאֶצְבְּעֹתָיו שֵׁשׁ־וָשֵׁשׁ עֶשְׂרִים וְאַרְבַּע וְגַם־הוּא נוֹלַד
ז לְהָרָפָא׃ וַיְחָרֵף אֶת־יִשְׂרָאֵל וַיַּכֵּהוּ יְהוֹנָתָן בֶּן־שִׁמְעָא
ח אֲחִי דָוִיד׃ אֵל נוּלְּדוּ לְהָרָפָא בְּגַת וַיִּפְּלוּ בְיַד־דָּוִיד
וּבְיַד־עֲבָדָיו׃

כ, ב׳ סבירין מלכה — ח׳ בשורק ודגש — ד׳ כצל ובספרים הָרָפָא פתח באתנח — ה׳ יעיר קרי — ו׳ פתח באתנח

## כא

א וַיַּעֲמֹד שָׂטָן עַל־יִשְׂרָאֵל וַיָּסֶת אֶת־דָּוִיד לִמְנוֹת אֶת־יִשְׂרָאֵל׃
ב וַיֹּאמֶר דָּוִיד אֶל־יוֹאָב וְאֶל־שָׂרֵי הָעָם לְכוּ סִפְרוּ אֶת־
יִשְׂרָאֵל מִבְּאֵר שֶׁבַע וְעַד־דָּן וְהָבִיאוּ אֵלַי וְאֵדְעָה אֶת־
ג מִסְפָּרָם׃ וַיֹּאמֶר יוֹאָב יוֹסֵף יְהוָה עַל־עַמּוֹ כָּהֵם מֵאָה
פְעָמִים הֲלֹא אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ כֻּלָּם לַאדֹנִי לַעֲבָדִים לָמָּה
ד יְבַקֵּשׁ זֹאת אֲדֹנִי לָמָּה יִהְיֶה לְאַשְׁמָה לְיִשְׂרָאֵל׃ וּדְבַר־
הַמֶּלֶךְ חָזַק עַל־יוֹאָב וַיֵּצֵא יוֹאָב וַיִּתְהַלֵּךְ בְּכָל־יִשְׂרָאֵל
ה וַיָּבֹא יְרוּשָׁלִָם׃ וַיִּתֵּן יוֹאָב אֶת־מִסְפַּר מִפְקַד־הָעָם
אֶל־דָּוִיד וַיְהִי כָל־יִשְׂרָאֵל אֶלֶף אֲלָפִים וּמֵאָה אֶלֶף אִישׁ
שֹׁלֵף חֶרֶב וִיהוּדָה אַרְבַּע מֵאוֹת וְשִׁבְעִים אֶלֶף אִישׁ
ו שֹׁלֵף חָרֶב׃ וְלֵוִי וּבִנְיָמִן לֹא פָקַד בְּתוֹכָם כִּי־נִתְעַב
ז דְּבַר־הַמֶּלֶךְ אֶת־יוֹאָב׃ וַיֵּרַע בְּעֵינֵי הָאֱלֹהִים עַל־הַדָּבָר
ח הַזֶּה וַיַּךְ אֶת־יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר דָּוִיד אֶל־הָאֱלֹהִים
חָטָאתִי מְאֹד אֲשֶׁר עָשִׂיתִי אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה וְעַתָּה הַעֲבֶר־
ט נָא אֶת־עֲווֹן עַבְדְּךָ כִּי נִסְכַּלְתִּי מְאֹד׃ וַיְדַבֵּר יְהוָה
י אֶל־גָּד חֹזֵה דָוִיד לֵאמֹר׃ לֵךְ וְדִבַּרְתָּ אֶל־דָּוִיד לֵאמֹר
כֹּה אָמַר יְהוָה שָׁלוֹשׁ אֲנִי נֹטֶה עָלֶיךָ בְּחַר־לְךָ אַחַת
יא מֵהֵנָּה וְאֶעֱשֶׂה־לָּךְ׃ וַיָּבֹא גָד אֶל־דָּוִיד וַיֹּאמֶר לוֹ כֹּה־
יב אָמַר יְהוָה קַבֶּל־לָךְ׃ אִם־שָׁלוֹשׁ שָׁנִים רָעָב וְאִם־שְׁלֹשָׁה
חֳדָשִׁים נִסְפֶּה מִפְּנֵי־צָרֶיךָ וְחֶרֶב אוֹיִבְךָ ׀ לְמַשֶּׂגֶת וְאִם־
שְׁלֹשֶׁת יָמִים חֶרֶב יְהוָה ׀ וְדֶבֶר בָּאָרֶץ וּמַלְאַךְ יְהוָה
מַשְׁחִית בְּכָל־גְּבוּל יִשְׂרָאֵל וְעַתָּה רְאֵה מָה־אָשִׁיב אֶת־
יג שֹׁלְחִי דָּבָר׃ וַיֹּאמֶר דָּוִיד אֶל־גָּד צַר־לִי מְאֹד
אֶפְּלָה־נָּא בְיַד־יְהוָה כִּי־רַבִּים רַחֲמָיו מְאֹד וּבְיַד־אָדָם
יד אַל־אֶפֹּל׃ וַיִּתֵּן יְהוָה דֶּבֶר בְּיִשְׂרָאֵל וַיִּפֹּל מִיִּשְׂרָאֵל
טו שִׁבְעִים אֶלֶף אִישׁ׃ וַיִּשְׁלַח הָאֱלֹהִים ׀ מַלְאָךְ ׀ לִירוּשָׁלִַם
לְהַשְׁחִיתָהּ וּכְהַשְׁחִית רָאָה יְהוָה וַיִּנָּחֶם עַל־הָרָעָה וַיֹּאמֶר

טו׳ בס״א וב׳

## כא

1 און אַ שׂטן איז אויפגעשטאַנען אויף ישראל, און ער האָט אָנגערעדט דודן צו ציילן ישראל. 2 און דוד האָט געזאָגט צו יואָבן, און צו די האַרן פון פאָלק: גייט ציילט ישראל פון באר־שֶבַע און ביז דָן, און ברענגט עס מיר, כּדי איך זאָל וויסן זייער מספּר. 3 האָט יואָב געזאָגט: זאָל גאָט מערן זיין פאָלק הונדערט מאָל אַזוי פיל ווי זיי זיינען! זיינען זיי ניט אַלע, מיין האַר מלך, קנעכט צו מיין האַר? צוואָס פאַרלאַנגט דאָס מיין האַר? נאָכוואָס זאָל עס זיין פאַר אַ זינד אויף ישראל?

4 אָבער דאָס וואָרט פון מלך איז געווען שטאַרק צו יואָבן, און יואָב איז אַרויסגעגאַנגען, און איז אַרומגעגאַנגען אין גאַנץ ישראל, און איז צוריקגעקומען קיין ירושלַיִם. 5 און יואָב האָט איבערגעגעבן דעם מספּר פון דער ציילונג פון דעם פאָלק צו דודן. און גאַנץ ישראל איז געווען טויזנט מאָל טויזנט און הונדערט טויזנט מאַן וואָס ציען אַ שווערד; און יהודה, פיר הונדערט און זיבעציק טויזנט וואָס ציען אַ שווערד. 6 און לֵוִי און בנימין האָט ער ניט געציילט צווישן זיי; וואָרום דער אָנזאָג פון דעם מלך איז געווען יואָבן צווידער.

7 און עס איז געווען שלעכט אין די אויגן פון גאָט וועגן דערדאָזיקער זאַך, און ער האָט געשלאָגן ישראל. 8 האָט דוד געזאָגט צו גאָט: איך האָב זייער געזינדיקט וואָס איך האָב געטאָן דידאָזיקע זאַך, און אַצונד, טו אָפּ, איך בעט דיך, דעם פאַרברעך פון דיין קנעכט, וואָרום איך בין געווען זייער נאַריש.

9 האָט גאָט געזאָגט צו גָד, דודס זעער, אַזוי צו זאָגן: 10 גיי און זאָלסט רעדן צו דודן, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: דרייערליי זאַכן לייג איך אויף דיר; קלייב דיר אויס איינס פון זיי, וואָס איך זאָל דיר טאָן.

11 איז גָד געקומען צו דודן, און האָט צו אים געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: נעם אויף דיר, 12 ענטוועדער דריי יאָר הונגער, אָדער דריי חדשים פאַרלענדט ווערן פאַר דיינע פיינט, און די שווערד פון דיינע שׂונאים זאָל דיך דערגרייכן, אָדער דריי טעג די שווערד פון גאָט און אַ מגפה אין לאַנד, און דער מלאך פון גאָט זאָל אומברענגען אין גאַנצן געמאַרק פון ישראל. און אַצונד זע וואָס פאַר אַ באַשייד איך זאָל ברענגען צו דעם וואָס שיקט מיך.

13 האָט דוד געזאָגט צו גָדן: מיר איז זייער ענג. לאָמיך, איך בעט דיך, פאַלן אין דער האַנט פון גאָט, וואָרום זיין רחמנות איז זייער גרויס, און לאָמיך ניט פאַלן אין דער האַנט פון אַ מענטשן.

14 האָט גאָט געשיקט אַ מגפה אויף ישראל, און עס זיינען געפאַלן פון ישראל זיבעציק טויזנט מאַן.

15 און גאָט האָט געשיקט אַ מלאך קיין ירושלַיִם, זי אומצוברענגען; אָבער ווי ער האָט געהאַלטן ביים אומברענגען, האָט גאָט אַראָפּגעקוקט, און ער האָט חרטה געהאַט אויף דעם בייז, און ער האָט געזאָגט צו דעם מלאך

לַמַּלְאָךְ הַמַּשְׁחִית רַב עַתָּה הֶרֶף יָדֶךָ וּמַלְאַךְ יְהוָה עֹמֵד
טו עִם־גֹּרֶן אָרְנָן הַיְבוּסִי׃ וַיִּשָּׂא דָוִיד אֶת־עֵינָיו וַיַּרְא
אֶת־מַלְאַךְ יְהוָה עֹמֵד בֵּין הָאָרֶץ וּבֵין הַשָּׁמַיִם וְחַרְבּוֹ
שְׁלוּפָה בְּיָדוֹ נְטוּיָה עַל־יְרוּשָׁלָ͏ִם וַיִּפֹּל דָּוִיד וְהַזְּקֵנִים
יז מְכֻסִּים בַּשַּׂקִּים עַל־פְּנֵיהֶם׃ וַיֹּאמֶר דָּוִיד אֶל־הָאֱלֹהִים
הֲלֹא אֲנִי אָמַרְתִּי לִמְנוֹת בָּעָם וַאֲנִי־הוּא אֲשֶׁר־חָטָאתִי
וְהָרֵעַ הֲרֵעוֹתִי וְאֵלֶּה הַצֹּאן מֶה עָשׂוּ יְהוָה אֱלֹהַי תְּהִי נָא
יח יָדְךָ בִּי וּבְבֵית אָבִי וּבְעַמְּךָ לֹא לְמַגֵּפָה׃ וּמַלְאַךְ
יְהוָה אָמַר אֶל־גָּד לֵאמֹר לְדָוִיד כִּי ׀ יַעֲלֶה דָוִיד לְהָקִים
יט מִזְבֵּחַ לַיהוָה בְּגֹרֶן אָרְנָן הַיְבֻסִי׃ וַיַּעַל דָּוִיד בִּדְבַר־גָּד
כ אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּשֵׁם יְהוָה׃ וַיָּשָׁב אָרְנָן וַיַּרְא אֶת־הַמַּלְאָךְ
כא וְאַרְבַּעַת בָּנָיו עִמּוֹ מִתְחַבְּאִים וְאָרְנָן דָּשׁ חִטִּים׃ וַיָּבֹא
דָוִיד עַד־אָרְנָן וַיַּבֵּט אָרְנָן וַיַּרְא אֶת־דָּוִיד וַיֵּצֵא מִן־הַגֹּרֶן
כב וַיִּשְׁתַּחוּ לְדָוִיד אַפַּיִם אָרְצָה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִיד אֶל־אָרְנָן תְּנָה־
לִּי מְקוֹם הַגֹּרֶן וְאֶבְנֶה־בּוֹ מִזְבֵּחַ לַיהוָה בְּכֶסֶף מָלֵא תְּנֵהוּ
כג לִי וְתֵעָצַר הַמַּגֵּפָה מֵעַל הָעָם׃ וַיֹּאמֶר אָרְנָן אֶל־דָּוִיד
קַח־לָךְ וְיַעַשׂ אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ הַטּוֹב בְּעֵינָיו רְאֵה נָתַתִּי הַבָּקָר
לָעֹלוֹת וְהַמּוֹרִגִּים לָעֵצִים וְהַחִטִּים לַמִּנְחָה הַכֹּל נָתָתִּי׃
כד וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ דָּוִיד לְאָרְנָן לֹא כִּי־קָנֹה אֶקְנֶה בְּכֶסֶף מָלֵא
כה כִּי לֹא־אֶשָּׂא אֲשֶׁר־לְךָ לַיהוָה וְהַעֲלוֹת עוֹלָה חִנָּם׃ וַיִּתֵּן
דָּוִיד לְאָרְנָן בַּמָּקוֹם שִׁקְלֵי זָהָב מִשְׁקַל שֵׁשׁ מֵאוֹת׃
כו וַיִּבֶן שָׁם דָּוִיד מִזְבֵּחַ לַיהוָה וַיַּעַל עֹלוֹת וּשְׁלָמִים וַיִּקְרָא
אֶל־יְהוָה וַיַּעֲנֵהוּ בָאֵשׁ מִן־הַשָּׁמַיִם עַל מִזְבַּח הָעֹלָה׃
כז וַיֹּאמֶר יְהוָה לַמַּלְאָךְ וַיָּשֶׁב חַרְבּוֹ אֶל־נְדָנָהּ׃
כח בָּעֵת הַהִיא בִּרְאוֹת דָּוִיד כִּי־עָנָהוּ יְהוָה בְּגֹרֶן אָרְנָן
כט הַיְבוּסִי וַיִּזְבַּח שָׁם׃ וּמִשְׁכַּן יְהוָה אֲשֶׁר־עָשָׂה מֹשֶׁה
ל בַמִּדְבָּר וּמִזְבַּח הָעוֹלָה בָּעֵת הַהִיא בַּבָּמָה בְּגִבְעוֹן׃ וְלֹא־

דעם אומברענגער: גענוג! אצונד לאָז אָפּ דיין האַנט. און דער מלאך פון גאָט איז געשטאַנען בײַ דעם שייער פון אָרנָן דעם יבוסי. [16] האָט דוד אויפגעהויבן זיינע אויגן, און האָט דערזען דעם מלאך פון גאָט ווי ער שטייט צווישן ערד און הימל מיט זיין שווערד אַרויסגעצויגן אין זיין האַנט, אויסגעשטרעקט אַקעגן ירושלַיִם; און דוד און די עלטסטע, צוגעדעקט מיט זאַק, זיינען געפאַלן אויף זייער פּנים. [17] און דוד האָט געזאָגט צו גאָט: פאַרוואָר, איך האָב געהייסן ציילן דאָס פאָלק, און איך בין דער וואָס האָב געזינדיקט, און האָב זייער שלעכטס געטאָן, אָבער די דאָזיקע שאָף, וואָס האָבן זיי געטאָן? יהוה מיין גאָט, זאָל, איך בעט דיך, דיין האַנט זיין אויף מיר און אויף מיין פאָטערס הויז, אָבער ניט אויף דיין פאָלק מיט אַ מגפה.

[18] האָט דער מלאך פון גאָט געהייסן גָדן זאָגן דודן, אַז דוד זאָל אַרויפגיין אויפשטעלן אַ מזבח צו גאָט אין דעם שייער פון אָרנָן דעם יבוסי.

[19] איז דוד אַרויפגעגאַנגען לויט דעם וואָרט פון גָדן וואָס ער האָט גערעדט אין נאָמען פון גאָט. [20] און אָרנָן האָט זיך אומגעקערט און האָט דערזען דעם מלאך; און זיינע פיר זין וואָס מיט אים האָבן זיך באַהאַלטן. און אָרנָן האָט געדראָשן ווייץ. [21] און ווי דוד איז געקומען צו אָרנָנען, האָט אָרנָן אַ קוק געטאָן, און האָט דערזען דודן, און ער איז אַרויסגעגאַנגען פון שייער, און האָט זיך גע־בוקט צו דודן מיטן פּנים צו דער ערד. [22] האָט דוד גע־זאָגט צו אָרנָנען: גיב מיר דעם אָרט פון דעם שייער, און איך וועל בויען דערויף אַ מזבח צו גאָט; אין פולן געלט גיב עס מיר; כּדי די מגפה זאָל פאַרהאַלטן ווערן פון פאָלק. [23] האָט אָרנָן געזאָגט צו דודן: נעם דיר, און זאָל מיין האַר דער מלך טאָן וואָס איז גוט אין זיינע אויגן. זע, איך גיב די רינדער פאַר בראַנדאָפּפער, און די דרעשׁשליטנס פאַר האָלץ, און די ווייץ פאַר אַ שפּייזאָפּפער; אַלץ גיב איך אַוועק. [24] האָט דער מלך דוד געזאָגט צו אָרנָנען: ניין, נייערט קויפן וועל איך קויפן, פאַר פולן געלט, וואָרום איך וועל ניט נעמען וואָס איז דיינס פאַר גאָט, און אויפברענגען אַ בראַנדאָפּפער פאַר אומזיסט.

[25] און דוד האָט געגעבן אָרנָנען פאַר דעם אָרט זעקס הונדערט שֶקל גאָלד אויפן וואָג. [26] און דוד האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח צו גאָט, און האָט דאָרטן אויפגעבראַכט בראַנדאָפּפער און פרידאָפּפער, און ער האָט גערופן צו גאָט, און ער האָט אים געענטפערט מיט פייער פון הימל אויף דעם מזבח פאַר בראַנדאָפּפער.

[27] און גאָט האָט געהייסן דעם מלאך, און ער האָט אומגעקערט די שווערד אין איר שייד.

[28] אין יענער צייט, ווי דוד האָט געזען אַז גאָט האָט אים געענטפערט אין דעם שייער פון אָרנָן דעם יבוסי, אַזוי האָט ער דאָרטן געשלאַכט קרבנות. [29] און דער מִשכּן פון גאָט וואָס משה האָט געמאַכט אין דער מדבר, און דער מזבח פאַר בראַנדאָפּפער, איז אין יענער צייט געווען אויף דער בָמָה אין גִבעוֹן. [30] אָבער דוד האָט ניט

יָכֹל דָּוִיד לָלֶכֶת לְפָנָיו לִדְרֹשׁ אֱלֹהִים כִּי נִבְעַת מִפְּנֵי
חֶרֶב מַלְאַךְ יְהוָה׃

## כב

א וַיֹּאמֶר דָּוִיד זֶה הוּא בֵּית יְהוָה הָאֱלֹהִים וְזֶה מִּזְבֵּחַ
ב לְעֹלָה לְיִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר דָּוִיד לִכְנוֹס אֶת־הַגֵּרִים
אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲמֵד חֹצְבִים לַחְצוֹב אַבְנֵי גָזִית
ג לִבְנוֹת בֵּית הָאֱלֹהִים׃ וּבַרְזֶל ׀ לָרֹב לַמִּסְמְרִים לְדַלְתוֹת
הַשְּׁעָרִים וְלַמְחַבְּרוֹת הֵכִין דָּוִיד וּנְחֹשֶׁת לָרֹב אֵין מִשְׁקָל׃
ד וַעֲצֵי אֲרָזִים לְאֵין מִסְפָּר כִּי־הֵבִיאוּ הַצִּידֹנִים וְהַצֹּרִים
ה עֲצֵי אֲרָזִים לָרֹב לְדָוִיד׃ וַיֹּאמֶר דָּוִיד שְׁלֹמֹה בְנִי
נַעַר וָרָךְ וְהַבַּיִת לִבְנוֹת לַיהוָה לְהַגְדִּיל ׀ לְמַעְלָה לְשֵׁם
וּלְתִפְאֶרֶת לְכָל־הָאֲרָצוֹת אָכִינָה נָּא לוֹ וַיָּכֶן דָּוִיד לָרֹב
ו לִפְנֵי מוֹתוֹ׃ וַיִּקְרָא לִשְׁלֹמֹה בְנוֹ וַיְצַוֵּהוּ לִבְנוֹת בַּיִת
ז לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר דָּוִיד לִשְׁלֹמֹה בְּנוֹ אֲנִי
ח הָיָה עִם־לְבָבִי לִבְנוֹת בַּיִת לְשֵׁם יְהוָה אֱלֹהָי׃ וַיְהִי עָלַי
דְּבַר־יְהוָה לֵאמֹר דָּם לָרֹב שָׁפַכְתָּ וּמִלְחָמוֹת גְּדֹלוֹת
עָשִׂיתָ לֹא־תִבְנֶה בַיִת לִשְׁמִי כִּי דָּמִים רַבִּים שָׁפַכְתָּ
ט אַרְצָה לְפָנָי׃ הִנֵּה־בֵן נוֹלָד לָךְ הוּא יִהְיֶה אִישׁ מְנוּחָה
וַהֲנִיחוֹתִי לוֹ מִכָּל־אוֹיְבָיו מִסָּבִיב כִּי שְׁלֹמֹה יִהְיֶה שְׁמוֹ
י וְשָׁלוֹם וָשֶׁקֶט אֶתֵּן עַל־יִשְׂרָאֵל בְּיָמָיו׃ הוּא יִבְנֶה־בַיִת
לִשְׁמִי וְהוּא יִהְיֶה־לִּי לְבֵן וַאֲנִי־לוֹ לְאָב וַהֲכִינוֹתִי *
יא כִּסֵּא מַלְכוּתוֹ עַל־יִשְׂרָאֵל עַד־עוֹלָם׃ עַתָּה בְנִי יְהִי יְהוָה
עִמָּךְ וְהִצְלַחְתָּ וּבָנִיתָ בֵּית יְהוָה אֱלֹהֶיךָ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר
יב עָלֶיךָ׃ אַךְ יִתֶּן־לְךָ יְהוָה שֵׂכֶל וּבִינָה וִיצַוְּךָ עַל־יִשְׂרָאֵל
יג וְלִשְׁמוֹר אֶת־תּוֹרַת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃ אָז תַּצְלִיחַ אִם־
תִּשְׁמוֹר לַעֲשׂוֹת אֶת־הַחֻקִּים וְאֶת־הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר צִוָּה
יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה עַל־יִשְׂרָאֵל חֲזַק וֶאֱמָץ אַל־תִּירָא וְאַל־

כא, ל׳ קמץ בז״ק   כב, ז׳ בני קרי   ט׳ בס״א לְךָ
י׳ כצ״ל ובספרים את כסא   יג׳ קמץ בז״ק

געקענט גיין צו אים צו פרעגן ביי גאָט, וואָרום ער איז גע־וועזן דערשראָקן פאַר דער שווערד פון גאָטס מלאך.

## כב

1 און דוד האָט געזאָגט: דאָס איז דאָס הויז פון גאָט דעם האַר, און דאָס איז דער מזבח פאַר בראַנדאָפּפער פאַר ישראל.

2 און דוד האָט געהייסן אײַנזאַמלען אַלע פרעמדע וואָס אין לאַנד ישראל, און ער האָט געשטעלט שטיי־העקער אויסצוהאַקן געשניטענע שטיינער אויף צו בויען דאָס הויז פון גאָט. 3 און אײַזן לרוב אויף נעגל פאַר די טירן פון די טויערן, און אויף קלאַמערן, האָט דוד אָנגע־בּרייט; און קופּער לרוב גאָר אָן אַ וואָג; 4 און צעדער־האָלץ אָן אַ צאָל; וואָרום די צידונים און די צורים האָבן געבראַכט דודן צעדערהאָלץ לרוב. 5 און דוד האָט גע־זאָגט: מיין זון שלמה איז יונג און שוואַך, און דאָס הויז וואָס מע דאַרף בויען צו גאָט, דאַרף מען מאַכן גרויס ביז גאָר, פאַר אַ שם, און פאַר אַ צירונג, אַנטקעגן אַלע לענדער; לאָמיך אַקאָרשט צוגרייטן פאַר אים. און דוד האָט צוגע־גרייט אַ סך פאַר זיין טויט.

6 און ער האָט גערופן זיין זון שלמהן, און ער האָט אים באַפוילן צו בויען אַ הויז צו יהוה דעם גאָט פון ישראל. 7 און דוד האָט געזאָגט צו שלמהן: מיין זון, ביי מיר אַליין איז געווען אין האַרצן צו בויען אַ הויז צו דעם נאָמען פון יהוה מיין גאָט. 8 אָבער דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן: אַ סך בלוט האָסטו פאַר־גאָסן, און גרויסע מלחמות האָסטו געמאַכט; קענסט ניט בויען אַ הויז צו מיין נאָמען, ווייל דו האָסט פיל בלוט פאַר־גאָסן צו דער ערד פאַר מיין געזיכט. 9 אָט ווערט דיר געבאָרן אַ זון; ער וועט זיין אַ מענטש פון רו, און איך וועל אים באַרוען פון אַלע זיינע פיינט פון אַרום; וואָרום שלמה וועט זיין זיין נאָמען, און שלום און שטילקייט וועל איך געבן ישראל אין זיינע טעג. 10 ער וועט בויען אַ הויז צו מיין נאָמען, און ער וועט מיר זיין פאַר אַ זון, און איך אים פאַר אַ פאָטער; און איך וועל באַפעסטיקן דעם טראָן פון זיין מלוכה איבער ישראל אויף אייביק. 11 אַצונד, מיין זון, זאָל גאָט זיין מיט דיר, און זאָלסט מצליח זיין, און בויען דאָס הויז פון יהוה דיין גאָט, אַזוי ווי ער האָט גע־רעדט וועגן דיר. 12 זאָל נאָר גאָט דיר געבן שׂכל און פאַרשטאַנדיקייט, און דיך באַפעלן איבער ישראל; און אַז דו זאָלסט היטן די תּורה פון יהוה דיין גאָט. 13 דענסמאָל וועסטו מצליח זיין, אַז דו וועסט היטן צו טאָן די חוקים און די געזעצן וואָס גאָט האָט באַפוילן משהן פאַר ישראל. זיי שטאַרק און פעסט, זאָלסט ניט מורא האָבן און ניט

יד תַּחַת׃ וְהִנֵּה בְעָנְיִי הֲכִינוֹתִי לְבֵית־יְהוָה זָהָב כִּכָּרִים
מֵאָה־אֶלֶף וְכֶסֶף אֶלֶף אֲלָפִים כִּכָּרִים וְלַנְּחֹשֶׁת וְלַבַּרְזֶל
אֵין מִשְׁקָל כִּי לָרֹב הָיָה וְעֵצִים וַאֲבָנִים הֲכִינוֹתִי וַעֲלֵיהֶם
טו תּוֹסִיף׃ וְעִמְּךָ לָרֹב עֹשֵׂי מְלָאכָה חֹצְבִים וְחָרָשֵׁי אֶבֶן
טז וָעֵץ וְכָל־חָכָם בְּכָל־מְלָאכָה׃ לַזָּהָב לַכֶּסֶף וְלַנְּחֹשֶׁת
יז וְלַבַּרְזֶל אֵין מִסְפָּר קוּם וַעֲשֵׂה וִיהִי יְהוָה עִמָּךְ׃ וַיְצַו
יח דָּוִיד לְכָל־שָׂרֵי יִשְׂרָאֵל לַעְזֹר לִשְׁלֹמֹה בְנוֹ׃ הֲלֹא יְהוָה
אֱלֹהֵיכֶם עִמָּכֶם וְהֵנִיחַ לָכֶם מִסָּבִיב כִּי ׀ נָתַן בְּיָדִי אֵת
יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ וְנִכְבְּשָׁה הָאָרֶץ לִפְנֵי יְהוָה וְלִפְנֵי עַמּוֹ׃
יט עַתָּה תְּנוּ לְבַבְכֶם וְנַפְשְׁכֶם לִדְרוֹשׁ לַיהוָה אֱלֹהֵיכֶם
וְקוּמוּ וּבְנוּ אֶת־מִקְדַּשׁ יְהוָה הָאֱלֹהִים לְהָבִיא אֶת־אֲרוֹן
בְּרִית־יְהוָה וּכְלֵי קֹדֶשׁ הָאֱלֹהִים לַבַּיִת הַנִּבְנֶה לְשֵׁם־
יְהוָה׃

כג

א וְדָוִיד זָקֵן וְשָׂבַע יָמִים וַיַּמְלֵךְ אֶת־שְׁלֹמֹה בְנוֹ עַל־יִשְׂרָאֵל׃
ב ג וַיֶּאֱסֹף אֶת־כָּל־שָׂרֵי יִשְׂרָאֵל וְהַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם׃ וַיִּסָּפְרוּ
הַלְוִיִּם מִבֶּן שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וָמָעְלָה וַיְהִי מִסְפָּרָם לְגֻלְגְּלֹתָם
ד לִגְבָרִים שְׁלֹשִׁים וּשְׁמוֹנָה אָלֶף׃ מֵאֵלֶּה לְנַצֵּחַ עַל־מְלֶאכֶת
בֵּית־יְהוָה עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה אָלֶף וְשֹׁטְרִים וְשֹׁפְטִים שֵׁשֶׁת
ה אֲלָפִים׃ וְאַרְבַּעַת אֲלָפִים שֹׁעֲרִים וְאַרְבַּעַת אֲלָפִים
מְהַלְלִים לַיהוָה בַּכֵּלִים אֲשֶׁר עָשִׂיתִי לְהַלֵּל׃
ו וַיֶּחָלְקֵם דָּוִיד מַחְלְקוֹת לִבְנֵי לֵוִי לְגֵרְשׁוֹן קְהָת וּמְרָרִי׃
ז ח לַגֵּרְשֻׁנִּי לַעְדָּן וְשִׁמְעִי׃ בְּנֵי לַעְדָּן הָרֹאשׁ
ט יְחִיאֵל וְזֵתָם וְיוֹאֵל שְׁלֹשָׁה׃ בְּנֵי שִׁמְעִי שְׁלֹמוֹת
וַחֲזִיאֵל וְהָרָן שְׁלֹשָׁה אֵלֶּה רָאשֵׁי הָאָבוֹת לְלַעְדָּן׃
י וּבְנֵי שִׁמְעִי יַחַת זִינָא וִיעוּשׁ וּבְרִיעָה אֵלֶּה בְנֵי־שִׁמְעִי
יא אַרְבָּעָה׃ וַיְהִי־יַחַת הָרֹאשׁ וְזִיזָה הַשֵּׁנִי וִיעוּשׁ וּבְרִיעָה

כב, יז׳ בס״א לַעְ׳ כג, ט׳ שלמית קרי

אַנגסטן. 14 און אָט אין מיין אָרימקייט האָב איך צוגעגרייט
פאַר דעם הויז פון גאָט הונדערט טויזנט צענטנער גאָלד,
און טויזנט מאָל טויזנט צענטנער זילבער, און קופער און
אײַזן אָן אַ וואָג, וואָרום עס איז דאָ לרוב; אויך האָלץ
און שטיינער האָב איך צוגעגרייט, און דו קענסט נאָך צו־
לייגן דערצו. 15 און ביי דיר זיינען דאָ אַ סך בעל־
מלאָכהס, שטיינהעקער, און מייסטערס אין שטיין און
אין האָלץ, און אַלערליי קינצלער אין יעטוועדער
מלאָכה. 16 צום גאָלד, צום זילבער, און צום קופער,
און צום אײַזן, איז קיין צאָל ניטאָ; שטיי אויף און טו, און
זאָל גאָט זיין מיט דיר.

17 און דוד האָט באַפוילן אַלע האַרן פון ישראל צו
העלפן זיין זון שלמהן: 18 פאַרוואָר, יהוה אײַער גאָט איז
מיט אײַך, און ער האָט אײַך באַרוט פון רונד אַרום,
וואָרום ער האָט געגעבן אין מיין האַנט די באַוווינער פון
לאַנד, און דאָס לאַנד ליגט באַצוווּנגען פאַר גאָט און פאַר
זיין פאָלק. 19 אַצונד, גיט אײַער האַרץ און אײַער זעל
צו זוכן יהוה אײַער גאָט, און שטייט אויף, און בויט דאָס
הייליקטום פון גאָט דעם האַר, כדי צו ברענגען דעם אָרון
פון גאָטס בונד, און די הייליקע כלים פון גאָט, אין דעם
הויז וואָס ווערט געבויט צו דעם נאָמען פון גאָט.

כג 1 און דוד איז געוואָרן אַלט און זאַט מיט טעג, און
ער האָט געמאַכט זיין זון שלמהן פאַר מלך איבער
ישראל. 2 און ער האָט אײַנגעזאַמלט אַלע האַרן פון ישראל, און די כהנים און די לויִים. 3 און די לויִים זיינען
געציילט געוואָרן פון דרייסיק יאָר אַלט און העכער, און זייער צאָל לויט זייערע קעפּ, פון די מענער, איז געווען
אַכט און דרייסיק טויזנט. 4 פון דיזאָזיקע, אויף אויפצופּאַסן אויף דער אַרבעט פון גאָטס הויז פיר און צוואַנציק
טויזנט, און אויפזעער און ריכטער, זעקס טויזנט. 5 און פיר טויזנט טויערלייט; און פיר טויזנט וואָס זאָלן לויבן
גאָט „מיט די כלי־זֶמֶר וואָס איך האָב געמאַכט אויף צו לויבן״.

6 און דוד האָט זיי אײַנגעטיילט אין אַפּטיילונגען לויט די זין פון לֵוִין: גֵרשון, קְהָת, און מְרָרי.
7 פון די גֵרשונים: לַעְדָן, און שִמְעִי. 8 די זין פון לַעְדָנען: דער הויפּט יחיאֵל, און זֵתָם, און יוֹאֵל — דריי. 9 די
זין פון שִמְעִין: שלומית, און חֲזיאֵל, און הָרָן — דריי. דיזאָזיקע זיינען געווען הויפּטן פון די פאָטערהייזער פון לַעְדָן.
10 און די זין פון שִמְעִין זיינען געווען: יַחַת, זינאָ, און יְעוּש, און בריעָה. דאָס זיינען געווען די פיר זין פון שִמְעִין.
11 און יַחַת איז געווען דער הויפּט, און זיזה דער צווייטער; און יְעוּש און בריעָה האָבן ניט געהאַט פיל זין, דרום
זיינען זיי אין דער ציילונג געווען איין פאָטערהויז.

לֹא־הִרְבּוּ בָנִים וַיִּהְיוּ לְבֵית אָב לִפְקֻדָּה אֶחָת׃
בְּנֵי קְהָת עַמְרָם יִצְהָר חֶבְרוֹן וְעֻזִּיאֵל אַרְבָּעָה׃ יב
בְּנֵי עַמְרָם אַהֲרֹן וּמֹשֶׁה וַיִּבָּדֵל אַהֲרֹן לְהַקְדִּישׁוֹ קֹדֶשׁ יג
קָדָשִׁים הוּא־וּבָנָיו עַד־עוֹלָם לְהַקְטִיר לִפְנֵי יְהוָה לְשָׁרְתוֹ
וּלְבָרֵךְ בִּשְׁמוֹ עַד־עוֹלָם׃ וּמֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים בָּנָיו יד
יִקָּרְאוּ עַל־שֵׁבֶט הַלֵּוִי׃ בְּנֵי מֹשֶׁה גֵּרְשׁוֹם וֶאֱלִיעֶזֶר׃ טו
בְּנֵי גֵרְשׁוֹם שְׁבוּאֵל הָרֹאשׁ׃ וַיִּהְיוּ בְנֵי־אֱלִיעֶזֶר רְחַבְיָה טז יז
הָרֹאשׁ וְלֹא־הָיָה לֶאֱלִיעֶזֶר בָּנִים אֲחֵרִים וּבְנֵי רְחַבְיָה
רָבוּ לְמָעְלָה׃ בְּנֵי יִצְהָר שְׁלֹמִית הָרֹאשׁ׃ יח
בְּנֵי חֶבְרוֹן יְרִיָּהוּ הָרֹאשׁ אֲמַרְיָה הַשֵּׁנִי יַחֲזִיאֵל הַשְּׁלִישִׁי יט
וִיקַמְעָם הָרְבִיעִי׃ בְּנֵי עֻזִּיאֵל מִיכָה הָרֹאשׁ וְיִשִּׁיָּה כ
הַשֵּׁנִי׃ בְּנֵי מְרָרִי מַחְלִי וּמוּשִׁי בְּנֵי מַחְלִי אֶלְעָזָר כא
וְקִישׁ׃ וַיָּמָת אֶלְעָזָר וְלֹא־הָיוּ לוֹ בָּנִים כִּי אִם־בָּנוֹת כב
וַיִּשָּׂאוּם בְּנֵי־קִישׁ אֲחֵיהֶם׃ בְּנֵי מוּשִׁי מַחְלִי וְעֵדֶר וִירֵמוֹת כג
שְׁלוֹשָׁה׃ אֵלֶּה בְנֵי־לֵוִי לְבֵית אֲבֹתֵיהֶם רָאשֵׁי הָאָבוֹת כד
לִפְקוּדֵיהֶם בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת לְגֻלְגְּלֹתָם עֹשֵׂה הַמְּלָאכָה
לַעֲבֹדַת בֵּית יְהוָה מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמָעְלָה׃ כִּי אָמַר כה
דָּוִיד הֵנִיחַ יְהוָה אֱלֹהֵי־יִשְׂרָאֵל לְעַמּוֹ וַיִּשְׁכֹּן בִּירוּשָׁלַיִם
עַד־לְעוֹלָם׃ וְגַם לַלְוִיִּם אֵין־לָשֵׂאת אֶת־הַמִּשְׁכָּן וְאֶת־ כו
כָּל־כֵּלָיו לַעֲבֹדָתוֹ׃ כִּי בְדִבְרֵי דָוִיד הָאַחֲרוֹנִים הֵמָּה כז
מִסְפַּר בְּנֵי־לֵוִי מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וּלְמָעְלָה׃ כִּי מַעֲמָדָם כח
לְיַד בְּנֵי־אַהֲרֹן לַעֲבֹדַת בֵּית יְהוָה עַל־הַחֲצֵרוֹת וְעַל־
הַלְּשָׁכוֹת וְעַל־טָהֳרַת לְכָל־קֹדֶשׁ וּמַעֲשֵׂה עֲבֹדַת בֵּית
הָאֱלֹהִים׃ וּלְלֶחֶם הַמַּעֲרֶכֶת וּלְסֹלֶת לְמִנְחָה וְלִרְקִיקֵי כט
הַמַּצּוֹת וְלַמַּחֲבַת וְלַמֻּרְבָּכֶת וּלְכָל־מְשׂוּרָה וּמִדָּה׃ וְלַעֲמֹד ל
בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר לְהֹדוֹת וּלְהַלֵּל לַיהוָה וְכֵן לָעָרֶב׃ וּלְכֹל לא
הַעֲלוֹת עֹלוֹת לַיהוָה לַשַּׁבָּתוֹת לֶחֳדָשִׁים וְלַמֹּעֲדִים בְּמִסְפָּר
כְּמִשְׁפָּט עֲלֵיהֶם תָּמִיד לִפְנֵי יְהוָה׃ וְשָׁמְרוּ אֶת־מִשְׁמֶרֶת לב

12 די זין פון קהָת: עַמרָם, יִצהָר, חֶברון, און עוזיאֵל — פיר. 13 די זין פון עַמרָמען: אַהרן, און משה. און אַהרן איז אָפּגעשיידט געוואָרן, כּדי אים צו הייליקן פֿאַר גאָר הייליק, אים און זיינע זין ביז אייביק, צו דעמפן פֿאַר גאָט, אים צו באַדינען, און צו בענטשן אין זיין נאָמען אייביק. 14 און משה דער געטלעכער מאַן, זיינע קינדער ווערן גערופן אויף שבט לֵוִי. 15 די זין פון משהן זיינען געווען: גֵרשום, און אֱליעֶזֶר. 16 די זין פון גֵרשומען: שבואֵל דער הויפּט. 17 און די זין פון אֱליעֶזֶרן זיינען געווען: רחַביָה דער הויפּט. און אֱליעֶזֶר האָט ניט געהאַט קיין אַנדערע זין; אָבער די זין פון רחַביָהן זיינען געווען פיל ביז גאָר. 18 די זין פון יִצהָרן זיינען געווען: שלומית דער הויפּט. 19 די זין פון חֶברונען: ירִיָהו, דער הויפּט, אַמַריָה דער צווייטער, יַחזיאֵל דער דריטער, און יקַמעָם דער פֿירטער. 20 די זין פון עוזיאֵלן: מיכָה דער הויפּט, און יִשִיָה דער צווייטער.

21 די זין פון מרָרין: מַחלי, און מושי. די זין פון מַחלין: אֶלעָזָר, און קיש. 22 און אֶלעָזָר איז געשטאָרבן, און האָט ניט געהאַט קיין זין, נאָר טעכטער; און זייערע אייגענע, די זין פון קישן, האָבן זיי גענומען. 23 די זין פון מושין זיינען געווען: מַחלי, און עֵדֶר, און ירֵמות — דריי.

24 די דאָזיקע זיינען געווען די זין פון לֵוִין לויט זייערע פֿאָטערהייזער, הויפּטן פון די פֿאָטערהייזער לויט זייערע געציילטע, נאָך דער צאָל פון נעמען לויט זייערע קעפּ, די וואָס האָבן געטאָן די אַרבעט פֿאַר דעם דינסט פון גאָטס הויז, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער. 25 וואָרום דוד האָט געזאָגט: יהוה דער גאָט פון ישׂראל האָט באַרוט זיין פֿאָלק, און ער רוט אין ירושָלַיִם אויף אייביק; 26 און אויך די לְוִיִם דאַרפֿן מער ניט טראָגן דעם מִשכּן, און אַלע זיינע כּלים פֿאַר זיין דינסט. 27 יאָ, לויט די לעצטע ווערטער פון דודן איז די ציילונג פון די קינדער פון לֵוִי געווען פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער. 28 וואָרום זיי האָבן געדאַרפֿט שטיין ביי דער האַנט פון די קינדער פון אַהרן פֿאַר דעם דינסט פון גאָטס הויז, אויף די הויפֿן, און אויף די קאַמערן, און אויף דער ריייניקונג פון אַלע הייליקע זאַכן, און דער אַרבעט פון דעם דינסט פון גאָטס הויז; 29 און פֿאַר דעם אויסגעלייגטן ברויט, און פֿאַר דעם זעמל־מעל פֿאַר שפּייזאָפּפֿער, סיי פון אומגעזייערטע קוכנס, סיי אין אַ באַקפֿאַן, סיי אין אַ שמאָרפֿאַן; און פֿאַר יעט־ווידער פֿייכטער און טרוקענער מאָס; 30 און אויף צו שטיין מאָרגן פֿאַר מאָרגן צו דאַנקען און צו לויבן גאָט, און דעסגלייכן אין אָוונט; 31 און פֿאַר יעטוועדער אויפֿברענגען פון בראַנדאָפּפֿער צו גאָט אין די שבתים, אום ראש־חודש, און אין די יָום־טובים, לויט דער צאָל, אַזוי ווי דער דין וועגן זיי, תּמיד, פֿאַר גאָט; 32 און אַז זיי זאָלן היטן די היטונג

פון דעם אוהל־מוֹעד, און די היטונג פון דעם הייליקטום,
און די היטונג פון די קינדער פון אַהרן, זייערע ברידער,
פאַר דעם דינסט פון גאָטס הויז.

# כד

1 און די אַיינטיילונגען פון די קינדער פון אַהרן
זיינען געווען: די זין פון אַהרנען: נָדָב, און
אַביהוא, אֶלעָזָר, און איתָמָר. 2 און נָדָב און אַביהוא זיינען
געשטאָרבן בײַ זייער פאָטערס לעבן, און קיין קינדער
האָבן זיי ניט געהאַט, זיינען אֶלעָזָר און איתָמָר געווען
כֹּהנים. 3 און דוד, און צָדוֹק פון די קינדער פון אֶלעָזָר,
און אַחימֶלֶך פון די קינדער פון איתָמָר, האָבן זיי אַיינגע־
טיילט לויט זייער ריי אין זייער דינסט. 4 און פון די קינ־
דער פון אֶלעָזָר האָבן זיך געפונען מער הויפּטמענער ווי
פון די קינדער פון איתָמָר; און מע האָט זיי אַזוי אַיינגע־
טיילט: פון די קינדער פון אֶלעָזָר זעכצן הויפּטן פון
פאָטערהייזער, און פון די קינדער פון איתָמָר, לויט
זייערע פאָטערהייזער, אַכט. 5 און מע האָט זיי אַיינגע־
טיילט לויט גוֹרל, די אַזוי ווי יענע, וואָרום עס זיינען געווען
פירשטן פון הייליקטום, און פירשטן פון גאָט, אי פון די
קינדער פון אֶלעָזָר, אי פון די קינדער פון איתָמָר. 6 און
שמַעיָה דער זון פון נתַנאֵלן, דער שרייבער, פון לֵוִי, האָט
זיי פאַרשריבן פאַר דעם מלך, און די האַרן, און צָדוֹק
דעם כֹּהן, און אַחימֶלֶך דעם זון פון אֶביָתָרן, און די הויפּטן
פון די פאָטערהייזער פון די כֹּהנים און פון די לוִיִם: איין
פאָטערהויז גענומען פון אֶלעָזָר, און איינס גענומען פון איתָמָר.

7 און דער ערשטער גוֹרל איז אַרויסגעגאַנגען אויף יהוֹיָריבן, דער צווייטער אויף ידַעְיָהן; 8 דער דריטער
אויף חָרִמען, דער פירטער אויף שעוֹרימען; 9 דער פינפטער אויף מַלכִּיָהן, דער זעקסטער אויף מִיָמִנען; 10 דער
זיבעטער אויף הַקוֹצן, דער אַכטער אויף אַבִיָהן; 11 דער נײַנטער אויף יֵשוּעַן, דער צענטער אויף שכַניָהון; 12 דער
עלפטער אויף אֶליָשיבן, דער צוועלפטער אויף יָקימען; 13 דער דרײַצנטער אויף חוּפָּהן, דער פערצנטער אויף
יֶשֶבאָבן; 14 דער פופצנטער אויף בִּלגָהן, דער זעכצנטער אויף אִמֵרן; 15 דער זיבעצנטער אויף חֵזירן, דער אַכצנ־
טער אויף הַפִּצֵצן; 16 דער נײַנצנטער אויף פּתַחיָהן, דער צוואַנציקסטער אויף יְחֶזקאלן; 17 דער איין און צוואַנציק־
סטער אויף יָכינען, דער צוויי און צוואַנציקסטער אויף גָמולן; 18 דער דריי און צוואַנציקסטער אויף דלָיָהון, דער
פיר און צוואַנציקסטער אויף מַעַזיָהון. 19 דאָס איז געווען זייער ריי אין זייער דינסט, צו קומען אין הויז פון גאָט
לויט דעם געזעץ צו זיי דורך דער האַנט פון זייער פאָטער אַהרנען, אַזוי ווי יהוה דער גאָט פון ישׂראל האָט אים
באַפוילן.

20 און פון די איבעריקע קינדער פון לֵוִי: פון די זין פון עַמרָמען, שוּבָאֵל; פון די זין פון שובָאֵלן, יֶחדְיָהו. 21 פון

אֹהֶל־מוֹעֵד וְאֵת מִשְׁמֶרֶת הַקֹּדֶשׁ וּמִשְׁמֶרֶת בְּנֵי אַהֲרֹן
אֲחֵיהֶם לַעֲבֹדַת בֵּית יְהוָה׃

כד

א וְלִבְנֵי אַהֲרֹן מַחְלְקוֹתָם בְּנֵי אַהֲרֹן נָדָב וַאֲבִיהוּא אֶלְעָזָר
ב וְאִיתָמָר׃ וַיָּמָת נָדָב וַאֲבִיהוּא לִפְנֵי אֲבִיהֶם וּבָנִים לֹא־
ג הָיוּ לָהֶם וַיְכַהֲנוּ אֶלְעָזָר וְאִיתָמָר׃ וַיֶּחָלְקֵם דָּוִיד וְצָדוֹק
מִן־בְּנֵי אֶלְעָזָר וַאֲחִימֶלֶךְ מִן־בְּנֵי אִיתָמָר לִפְקֻדָּתָם
ד בַּעֲבֹדָתָם׃ וַיִּמָּצְאוּ בְנֵי־אֶלְעָזָר רַבִּים לְרָאשֵׁי הַגְּבָרִים
מִן־בְּנֵי אִיתָמָר וַיַּחְלְקוּם לִבְנֵי אֶלְעָזָר רָאשִׁים לְבֵית־
אָבוֹת שִׁשָּׁה עָשָׂר וְלִבְנֵי אִיתָמָר לְבֵית אֲבוֹתָם שְׁמוֹנָה׃
ה וַיַּחְלְקוּם בְּגוֹרָלוֹת אֵלֶּה עִם־אֵלֶּה כִּי־הָיוּ שָׂרֵי־קֹדֶשׁ וְשָׂרֵי
ו הָאֱלֹהִים מִבְּנֵי אֶלְעָזָר וּבִבְנֵי אִיתָמָר׃ וַיִּכְתְּבֵם
שְׁמַעְיָה בֶן־נְתַנְאֵל הַסּוֹפֵר מִן־הַלֵּוִי לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וְהַשָּׂרִים
וְצָדוֹק הַכֹּהֵן וַאֲחִימֶלֶךְ בֶּן־אֶבְיָתָר וְרָאשֵׁי הָאָבוֹת לַכֹּהֲנִים
וְלַלְוִיִּם בֵּית־אָב אֶחָד אָחֻז לְאֶלְעָזָר וְאָחֻז ׀ אָחֻז לְאִיתָמָר׃
ז וַיֵּצֵא הַגּוֹרָל הָרִאשׁוֹן לִיהוֹיָרִיב לִידַעְיָה הַשֵּׁנִי׃
ח לְחָרִם הַשְּׁלִישִׁי לִשְׂעֹרִים הָרְבִעִי׃ לְמַלְכִּיָּה הַחֲמִישִׁי
ט לְמִיָּמִן הַשִּׁשִּׁי׃
י לְהַקּוֹץ הַשְּׁבִעִי לַאֲבִיָּה הַשְּׁמִינִי׃ לְיֵשׁוּעַ
יא הַתְּשִׁעִי לִשְׁכַנְיָהוּ הָעֲשִׂרִי׃ לְאֶלְיָשִׁיב עַשְׁתֵּי עָשָׂר לְיָקִים
יב שְׁנֵים עָשָׂר׃ לְחֻפָּה שְׁלֹשָׁה עָשָׂר לְיֶשֶׁבְאָב אַרְבָּעָה
יג
יד עָשָׂר׃ לְבִלְגָּה חֲמִשָּׁה עָשָׂר לְאִמֵּר שִׁשָּׁה עָשָׂר׃ לְחֵזִיר
טו
טז שִׁבְעָה עָשָׂר לְהַפִּצֵּץ שְׁמוֹנָה עָשָׂר׃ לִפְתַחְיָה תִּשְׁעָה
יז עָשָׂר לִיחֶזְקֵאל הָעֶשְׂרִים׃ לְיָכִין אֶחָד וְעֶשְׂרִים לְגָמוּל
יח שְׁנַיִם וְעֶשְׂרִים׃ לִדְלָיָהוּ שְׁלֹשָׁה וְעֶשְׂרִים לְמַעַזְיָהוּ
יט אַרְבָּעָה וְעֶשְׂרִים׃ אֵלֶּה פְקֻדָּתָם לַעֲבֹדָתָם לָבוֹא
לְבֵית־יְהוָה כְּמִשְׁפָּטָם בְּיַד אַהֲרֹן אֲבִיהֶם כַּאֲשֶׁר צִוָּהוּ
כ יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְלִבְנֵי לֵוִי הַנּוֹתָרִים לִבְנֵי עַמְרָם
כא שׁוּבָאֵל לִבְנֵי שׁוּבָאֵל יֶחְדְּיָהוּ׃ לִרְחַבְיָהוּ לִבְנֵי רְחַבְיָהוּ

כד, ד׳ בס״א אֶלעזר

הָרֹאשׁ יִשִּׁיָּה׃ לַיִּצְהָרִי שְׁלֹמוֹת לִבְנֵי שְׁלֹמוֹת יָחַת׃ כב
וּבָנַי יְרִיָּהוּ אֲמַרְיָהוּ הַשֵּׁנִי יַחֲזִיאֵל הַשְּׁלִישִׁי יְקַמְעָם כג
הָרְבִיעִי׃ בְּנֵי עֻזִּיאֵל מִיכָה לִבְנֵי מִיכָה שָׁמוּר׃ אֲחִי כד כה
מִיכָה יִשִּׁיָּה לִבְנֵי יִשִּׁיָּה זְכַרְיָהוּ׃ בְּנֵי מְרָרִי מַחְלִי וּמוּשִׁי כו
בְּנֵי יַעֲזִיָּהוּ בְנוֹ׃ בְּנֵי מְרָרִי לְיַעֲזִיָּהוּ בְּנוֹ וְשֹׁהַם וְזַכּוּר כז
וְעִבְרִי׃ לְמַחְלִי אֶלְעָזָר וְלֹא־הָיָה לוֹ בָּנִים׃ לְקִישׁ בְּנֵי כח כט
קִישׁ יְרַחְמְאֵל׃ וּבְנֵי מוּשִׁי מַחְלִי וְעֵדֶר וִירִימוֹת אֵלֶּה ל
בְּנֵי הַלְוִיִּם לְבֵית אֲבֹתֵיהֶם׃ וַיַּפִּילוּ גַם־הֵם גּוֹרָלוֹת לא
לְעֻמַּת ׀ אֲחֵיהֶם בְּנֵי־אַהֲרֹן לִפְנֵי דָּוִיד הַמֶּלֶךְ וְצָדוֹק
וַאֲחִימֶלֶךְ וְרָאשֵׁי הָאָבוֹת לַכֹּהֲנִים וְלַלְוִיִּם אָבוֹת הָרֹאשׁ
לְעֻמַּת אָחִיו הַקָּטָן׃

## כה

וַיַּבְדֵּל דָּוִיד וְשָׂרֵי הַצָּבָא לַעֲבֹדָה לִבְנֵי אָסָף וְהֵימָן א
וִידוּתוּן הַנְּבִיאִים בְּכִנֹּרוֹת בִּנְבָלִים וּבִמְצִלְתָּיִם וַיְהִי
מִסְפָּרָם אַנְשֵׁי מְלָאכָה לַעֲבֹדָתָם׃ לִבְנֵי אָסָף זַכּוּר וְיוֹסֵף ב
וּנְתַנְיָה וַאֲשַׂרְאֵלָה בְּנֵי אָסָף עַל יַד־אָסָף הַנִּבָּא עַל־יְדֵי
הַמֶּלֶךְ׃ לִידוּתוּן בְּנֵי יְדוּתוּן גְּדַלְיָהוּ וּצְרִי וִישַׁעְיָהוּ ג
חֲשַׁבְיָהוּ וּמַתִּתְיָהוּ שִׁשָּׁה עַל יְדֵי אֲבִיהֶם יְדוּתוּן בַּכִּנּוֹר
הַנִּבָּא עַל־הֹדוֹת וְהַלֵּל לַיהוָה׃ לְהֵימָן בְּנֵי הֵימָן בֻּקִּיָּהוּ ד
מַתַּנְיָהוּ עֻזִּיאֵל שְׁבוּאֵל וִירִימוֹת חֲנַנְיָה חֲנָנִי אֱלִיאָתָה
גִּדַּלְתִּי וְרֹמַמְתִּי עֶזֶר יָשְׁבְּקָשָׁה מַלּוֹתִי הוֹתִיר מַחֲזִיאוֹת׃
כָּל־אֵלֶּה בָנִים לְהֵימָן חֹזֵה הַמֶּלֶךְ בְּדִבְרֵי הָאֱלֹהִים לְהָרִים ה
קָרֶן וַיִּתֵּן הָאֱלֹהִים לְהֵימָן בָּנִים אַרְבָּעָה עָשָׂר וּבָנוֹת
שָׁלוֹשׁ׃ כָּל־אֵלֶּה עַל־יְדֵי אֲבִיהֶם בַּשִּׁיר בֵּית יְהוָה בִּמְצִלְתַּיִם ו
נְבָלִים וְכִנֹּרוֹת לַעֲבֹדַת בֵּית הָאֱלֹהִים עַל יְדֵי הַמֶּלֶךְ אָסָף
וִידוּתוּן וְהֵימָן׃ וַיְהִי מִסְפָּרָם עִם־אֲחֵיהֶם מְלֻמְּדֵי־שִׁיר ז
לַיהוָה כָּל־הַמֵּבִין מָאתַיִם שְׁמוֹנִים וּשְׁמוֹנָה׃ וַיַּפִּילוּ גּוֹרָלוֹת ח

כ ד, כד׳ שמר קרי   כ ה, א׳ יתר א׳

רחַבְיָהון: פון די זין פון רחַבְיָהון, דער הויפּט יִשִׁיָה. [22] פון די יִצְהָרים, שלומות; פון די זין פון שלומותן, יַחַת. [23] און די זין [פון חֶברונען], ירִיָהו, אַמַריָהו דער צווייטער, יַחזיאַל דער דריטער, יקַמעָם דער פירטער. [24] די זין פון עוזיאֵלן, מיכָה; פון די זין פון מיכָהן, שָמיר. [25] דער ברודער פון מיכָהן, יִשִיָה; פון די זין פון יִשִיָהן, זכַריָהו. [26] די זין פון מרָרין, מַחלי, און מושי; די זין פון זיין זון יַעֲזִיָהון — [27] די קינדער פון מרָרין פון זיין זון יַעֲזִיָהון, שוהַם, און זַכּור, און עִברי. [28] פון מַחלין, אֶלעָזָר; און ער האָט ניט געהאַט קיין זין. [29] פון קישן, די זין פון קישן, ירַחמְאֵל. [30] און די זין פון מושין, מַחלי, און עֵדֶר, און ירימות.

דאָס זיינען געווען די קינדער פון די לוִיִם לויט זייערע פאָטערהייזער. [31] און זיי אויך האָבן געוואָרפן גורל אַזוי ווי זייערע ברידער, די קינדער פון אַהרן, פאַר דעם מלך דוד, און צָדוקן, און אַחימֶלֶכן, און די הויפּטן פון די פאָטערהייזער פון די כֹהנים און פון די לוִיִם; די פאָטערהייזער פון דעם הויפּט אַזוי ווי זיין יִינגסטער ברודער.

## כה

[1] און דוד און די האַרן פון חיל האָבן אָפּגעשיידט פאַר דעם דינסט פון די זין פון אָסָפן און הֵימָנען און ידותונען, די וואָס האָבן נביאיש געשפּילט אויף האַרפן, אויף גיטאַרן, און אויף צימבלען; און זייער צאָל, פון די מענטשן וואָס האָבן געטאָן די אַרבעט לויט זייער דינסט, איז געווען: [2] פון די זין פון אָסָפן, זַכּור, און יוסף, און נתַניָה, און אַשַׂראֵלָה, די זין פון אָסָפן; אונטער דער האַנט פון אָסָפן, וואָס האָט נביאיש געשפּילט לויט דעם אײַנשטעל פון דעם מלך. [3] פון ידותונען, די זין פון ידותונען: גדַליָהו, און צרי, און ישַעיָהו, חַשַביָהו, און מַתִתיָהו — זעקס, אונטער דער האַנט פון זייער פאָטער ידותונען, וואָס האָט נביאיש געשפּילט אויף אַ האַרף ביים דאַנקען און לויבן גאָט. [4] פון הֵימָנען, די זין פון הֵימָנען: בוקִיָהו, מַתַניָהו, עוזיאֵל, שבואֵל, און ירימות, חַנַניָה, חַנָני, אֶליאָתָה, גִדַלתי, און רוממַתי-עֶזֶר, יָשבקָשָה, מַלותי, הותיר, מַחזיאות. [5] די אַלע זיינען געווען זין פון הֵימָן דעם מלכס זעער אין זאַכן פון גאָט — צו דערהייבן [זיין] האָרן, וואָרום גאָט האָט געשאָנקען הֵימָנען פערצן זין און דריי טעכטער. [6] די אַלע זיינען געווען אונטער דער האַנט פון זייער פאָטער, ביים געזאַנג אין הויז פון גאָט, מיט צימבלען, גיטאַרן, און האַרפן, פאַר דעם דינסט פון גאָטס הויז, לויט דעם אײַנשטעל פון מלך — אָסָף, ידותון, און הֵימָן. [7] און זייער צאָל מיט זייערע ברידער, געלערנטע אין געזאַנג צו גאָט, אַלע קענער, איז געווען צוויי הונדערט און אַכט און אַכציק. [8] און זיי האָבן געוואָרפן גורל,

אַ װאַך קעגן [אַ װאַך], אַזױ דער קלענסטער אַזױ דער
גרעסטער, דער קענער אַזױ װי דער תּלמיד.
9 און דער ערשטער גורל איז אַרױסגעגאַנגען אױף
אָסָפֿן — אױף יוֹסֵפֿן.
דער צװײטער גְדַלְיָהוּ; ער און זײנע ברידער און
זײנע זין — צװעלף.
10 דער דריטער זַכּוּר, זײנע זין, און זײנע ברידער —
צװעלף.
11 דער פֿירטער אױף יִצְרִין, זײנע זין, און זײנע ברי־
דער — צװעלף.
12 דער פֿינפֿטער נְתַנְיָהוּ, זײנע זין, און זײנע
ברידער — צװעלף.
13 דער זעקסטער בּוּקִיָהוּ, זײנע זין, און זײנע
ברידער — צװעלף.
14 דער זיבעטער יְשַׂרְאֵלָה, זײנע זין, און זײנע
ברידער — צװעלף.
15 דער אַכטער יְשַׁעְיָהוּ, זײנע זין, און זײנע ברידער —
צװעלף.
16 דער נײנטער מַתַּנְיָהוּ, זײנע זין, און זײנע ברידער —
צװעלף.
17 דער צענטער שִׁמְעִי, זײנע זין, און זײנע ברידער —
צװעלף.
18 דער עלפֿטער עֲזַרְאֵל, זײנע זין, און זײנע
ברידער — צװעלף.
19 דער צװעלפֿטער חֲשַׁבְיָה, זײנע זין, און זײנע
ברידער — צװעלף.
20 צום דרײצנטן שׁוּבָאֵל, זײנע זין, און זײנע
ברידער — צװעלף.
21 צום פֿערצנטן מַתִּתְיָהוּ, זײנע זין, און זײנע ברידער — צװעלף.
22 צום פֿופֿצנטן אױף יְרֵמוֹתן, זײנע זין, און זײנע ברידער — צװעלף.
23 צום זעכצנטן אױף חֲנַנְיָהוּן, זײנע זין, און זײנע ברידער — צװעלף.
24 צום זיבעצנטן אױף יָשְׁבְּקָשָׁהן, זײנע זין, און זײנע ברידער — צװעלף.
25 צום אַכצנטן אױף חֲנָנִין, זײנע זין, און זײנע ברידער — צװעלף.
26 צום נײנצנטן אױף מַלּוֹתִין, זײנע זין, און זײנע ברידער — צװעלף.
27 צום צװאַנציקסטן אױף אֱלִיָּתָהן, זײנע זין, און זײנע ברידער — צװעלף.
28 צום אײן און צװאַנציקסטן אױף הוֹתִירן, זײנע זין, און זײנע ברידער — צװעלף.
29 צום צװײ און צװאַנציקסטן אױף גִדַּלְתִּין, זײנע זין, און זײנע ברידער — צװעלף.
30 צום דרײ און צװאַנציקסטן אױף מַחֲזִיאוֹתן, זײנע זין, און זײנע ברידער — צװעלף.
31 צום פֿיר און צװאַנציקסטן אױף רוֹמַמְתִּי־עֶזֶרן, זײנע זין, און זײנע ברידער — צװעלף.

מִשְׁמֶרֶת לְעֻמַּת כַּקָּטֹן כַּגָּדוֹל מֵבִין עִם־תַּלְמִיד׃
ט וַיֵּצֵא הַגּוֹרָל הָרִאשׁוֹן לְאָסָף לְיוֹסֵף גְּדַלְיָהוּ הַשֵּׁנִי הֽוּא
י וְאֶחָיו וּבָנָיו שְׁנֵים עָשָׂר׃ הַשְּׁלִשִׁי זַכּוּר בָּנָיו וְאֶחָיו
יא שְׁנֵים עָשָׂר׃ הָֽרְבִיעִי לַיִּצְרִי בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
יב עָשָׂר׃ הַחֲמִישִׁי נְתַנְיָהוּ בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
יג עָשָׂר׃ הַשִּׁשִּׁי בֻקִּיָּהוּ בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
יד עָשָׂר׃ הַשְּׁבִעִי יְשַׂרְאֵלָה בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
טו עָשָׂר׃ הַשְּׁמִינִי יְשַֽׁעְיָהוּ בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
טז עָשָׂר׃ הַתְּשִׁיעִי מַתַּנְיָהוּ בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
יז עָשָׂר׃ הָֽעֲשִׁירִי שִׁמְעִי בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
יח עָשָׂר׃ עַשְׁתֵּֽי־עָשָׂר עֲזַרְאֵל בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
יט עָשָׂר׃ הַשְּׁנֵים עָשָׂר לַחֲשַׁבְיָה בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
כ עָשָׂר׃ לִשְׁלֹשָׁה עָשָׂר שׁוּבָאֵל בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
כא עָשָׂר׃ לְאַרְבָּעָה עָשָׂר מַתִּתְיָהוּ בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
כב עָשָׂר׃ לַחֲמִשָּׁה עָשָׂר לִירֵמוֹת בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
כג עָשָׂר׃ לְשִׁשָּׁה עָשָׂר לַחֲנַנְיָהוּ בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
כד עָשָׂר׃ לְשִׁבְעָה עָשָׂר לְיָשְׁבְּקָשָׁה בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
כה עָשָׂר׃ לִשְׁמוֹנָה עָשָׂר לַחֲנָנִי בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
כו עָשָׂר׃ לְתִשְׁעָה עָשָׂר לְמַלּוֹתִי בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
כז עָשָׂר׃ לְעֶשְׂרִים לֶאֱלִיָּתָה בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
כח עָשָׂר׃ לְאֶחָד וְעֶשְׂרִים לְהוֹתִיר בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
כט עָשָׂר׃ לִשְׁנַיִם וְעֶשְׂרִים לְגִדַּלְתִּי בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
ל עָשָׂר׃ לִשְׁלֹשָׁה וְעֶשְׂרִים לְמַחֲזִיאוֹת בָּנָיו וְאֶחָיו שְׁנֵים
לא עָשָׂר׃ לְאַרְבָּעָה וְעֶשְׂרִים לְרוֹמַמְתִּי עָזֶר בָּנָיו וְאֶחָיו
שְׁנֵים עָשָׂר׃

## כו

א לְמַחְלְקוֹת לְשֹׁעֲרִים לַקָּרְחִים מְשֶׁלֶמְיָהוּ בֶן־קֹרֵא מִן־בְּנֵי
ב אָסָף׃ וְלִמְשֶׁלֶמְיָהוּ בָּנִים זְכַרְיָהוּ הַבְּכוֹר יְדִיעֲאֵל הַשֵּׁנִי

כה, כז׳ למדנחאי לֶאֱלִיָּאתָה   לא׳ קמץ בז״ק

## כו

1 פֿאַר די אָפּטײלונגען פֿון די טױערלײט: פֿון די קָרְחִים: מְשֶׁלֶמְיָהוּ דער זון פֿון קוֹרֵאן, פֿון די זין פֿון
אָסָפֿן. 2 און מְשֶׁלֶמְיָהוּ האָט געהאַט זין: זְכַרְיָהוּ דער בְּכוֹר, יְדִיעֲאֵל דער צװײטער, זְבַדְיָהוּ דער דריטער, יַתְנִיאֵל

זְכַרְיָהוּ הַשְּׁלִישִׁי יַתְנִיאֵל הָרְבִיעִי: עֵילָם הַחֲמִישִׁי יְהוֹחָנָן ג
הַשִּׁשִּׁי אֶלְיְהוֹעֵינַי הַשְּׁבִיעִי: וּלְעֹבֵד אֱדֹם בָּנִים שְׁמַעְיָה ד
הַבְּכוֹר יְהוֹזָבָד הַשֵּׁנִי יוֹאָח הַשְּׁלִשִׁי וְשָׂכָר הָרְבִיעִי
וּנְתַנְאֵל הַחֲמִישִׁי: עַמִּיאֵל הַשִּׁשִּׁי יִשָּׂשכָר הַשְּׁבִיעִי ה
פְּעֻלְּתַי הַשְּׁמִינִי כִּי בֵרְכוֹ אֱלֹהִים: וְלִשְׁמַעְיָה בְנוֹ נוֹלַד ו
בָּנִים הַמִּמְשָׁלִים לְבֵית אֲבִיהֶם כִּי־גִבּוֹרֵי חַיִל הֵמָּה:
בְּנֵי שְׁמַעְיָה עָתְנִי וּרְפָאֵל וְעוֹבֵד אֶלְזָבָד אֶחָיו בְּנֵי־חָיִל ז
אֱלִיהוּ וּסְמַכְיָהוּ: כָּל־אֵלֶּה מִבְּנֵי ׀ עֹבֵד אֱדֹם הֵמָּה ח
וּבְנֵיהֶם וַאֲחֵיהֶם אִישׁ־חַיִל בַּכֹּחַ לַעֲבֹדָה שִׁשִּׁים וּשְׁנַיִם
לְעֹבֵד אֱדֹם: וְלִמְשֶׁלֶמְיָהוּ בָּנִים וְאַחִים בְּנֵי־חָיִל שְׁמוֹנָה ט
עָשָׂר: וּלְחֹסָה מִקְּבְנֵי־מְרָרִי בָּנִים שִׁמְרִי הָרֹאשׁ כִּי לֹא־ י
הָיָה בְכוֹר וַיְשִׂימֵהוּ אָבִיהוּ לְרֹאשׁ: חִלְקִיָּהוּ הַשֵּׁנִי טְבַלְיָהוּ יא
הַשְּׁלִשִׁי זְכַרְיָהוּ הָרְבִעִי כָּל־בָּנִים וְאַחִים לְחֹסָה שְׁלֹשָׁה
עָשָׂר: לְאֵלֶּה מַחְלְקוֹת הַשֹּׁעֲרִים לְרָאשֵׁי הַגְּבָרִים יב
מִשְׁמָרוֹת לְעֻמַּת אֲחֵיהֶם לְשָׁרֵת בְּבֵית יְהוָה: וַיַּפִּילוּ יג
גוֹרָלוֹת כַּקָּטֹן כַּגָּדוֹל לְבֵית אֲבוֹתָם לְשַׁעַר וָשָׁעַר: וַיִּפֹּל יד
הַגּוֹרָל מִזְרָחָה לְשֶׁלֶמְיָהוּ וּזְכַרְיָהוּ בְנוֹ יוֹעֵץ בְּשֶׂכֶל הִפִּילוּ
גּוֹרָלוֹת וַיֵּצֵא גוֹרָלוֹ צָפוֹנָה: לְעֹבֵד אֱדֹם נֶגְבָּה וּלְבָנָיו טו
בֵּית הָאֲסֻפִּים: לְשֻׁפִּים וּלְחֹסָה לַמַּעֲרָב עִם שַׁעַר שַׁלֶּכֶת טז
בַּמְסִלָּה הָעוֹלָה מִשְׁמָר לְעֻמַּת מִשְׁמָר: לַמִּזְרָח הַלְוִיִּם יז
שִׁשָּׁה לַצָּפוֹנָה לַיּוֹם אַרְבָּעָה לַנֶּגְבָּה לַיּוֹם אַרְבָּעָה
וְלָאֲסֻפִּים שְׁנַיִם שְׁנָיִם: לַפַּרְבָּר לַמַּעֲרָב אַרְבָּעָה לַמְסִלָּה יח
שְׁנַיִם לַפַּרְבָּר: אֵלֶּה מַחְלְקוֹת הַשֹּׁעֲרִים לִבְנֵי הַקָּרְחִי יט
וְלִבְנֵי מְרָרִי: וְהַלְוִיִּם אֲחִיָּה עַל־אוֹצְרוֹת בֵּית הָאֱלֹהִים כ
וּלְאֹצְרוֹת הַקֳּדָשִׁים: בְּנֵי לַעְדָּן בְּנֵי הַגֵּרְשֻׁנִּי לְלַעְדָּן כא
רָאשֵׁי הָאָבוֹת לְלַעְדָּן הַגֵּרְשֻׁנִּי יְחִיאֵלִי: בְּנֵי יְחִיאֵלִי זֵתָם כב
וְיוֹאֵל אָחִיו עַל־אֹצְרוֹת בֵּית יְהוָה: לַעַמְרָמִי לַיִּצְהָרִי כג

ט׳ קבץ במסורה

דער פירטער; 3 עֵילָם דער פינפטער, יהוֹחָנָן דער זעקסטער, אֶלְיְהוֹעֵינַי דער זיבעטער. 4 און עוֹבֵד־אֱדוֹם האָט געהאַט זין: שמַעְיָה דער בְּכוֹר, יהוֹזָבָד דער צווייטער, יוֹאָח דער דריטער, און שָׂכָר דער פירטער, און נתַנְאֵל דער פינפטער; 5 עַמִיאֵל דער זעקסטער, יִששָׂכָר דער זיבעטער, פְּעוּלְתַי דער אַכטער; וואָרום גאָט האָט אים געבענטשט. 6 און ביי זיין זון שמַעְיָהן זיינען געבאָרן געוואָרן זין וואָס האָבן געוועלטיקט איבער דעם הויז פון זייער פאָטער, וואָרום זיי זיינען געווען העלדישע גיבּוֹרים. 7 די זין פון שמַעְיָהן זיינען געווען: עָתני, און רפָאֵל, און עוֹבֵד, אֶלזָבָד, זיינע ברידער, העלדישע יונגען, און אֱליהו, און סמַכיָהו. 8 די אַלע פון די קינדער פון עוֹבֵד־אֱדומען, זיי און זייערע זין און זייערע ברידער, העלדישע לייט מיט כּוח צום דינסט; צוויי און זעכציק פון עוֹבֵד־אֱדומען. 9 און משֶׁלֶמיָהו האָט געהאַט זין און ברידער, העלדישע יונגען, אַכצן. 10 און חוסָה פון די זין פון מרָרין האָט געהאַט זין: שִׁמרי איז געווען דער הויפּט; הגם ער איז ניט געווען דער בּכוֹר, אָבער זיין פאָטער האָט אים געמאַכט פאַרן הויפּט; 11 חִלקִיָהו דער צווייטער, טבַליָהו דער דריטער, זכַריָהו דער פירטער; אַלע זין און ברידער פון חוֹסָהן – דרייצן.

12 דידאָזיקע אָפּטיילונגען פון די טויערלייט, די הויפּטמענער, האָבן געהאַט וואַכן אַזוי ווי זייערע ברידער, צו באַדינען אין הויז פון גאָט. 13 און זיי האָבן געוואָרפן גורל, אַזוי דער קלענסטער אַזוי דער גרעסטער, לויט זייערע פאָטערהייזער, טויער פאַר טויער. 14 און דער גורל אויף מזרח איז געפאַלן שֶׁלֶמיָהון. און פאַר זיין זון זכַריָהון, אַ קלוגן בעל־יועץ, האָבן זיי געוואָרפן גורל, און זיין גורל איז געפאַלן אויף צפון. 15 עוֹבֵד־אֱדומען צו דָרום, און זיינע זין דאָס זאַמלהויז. 16 און שופּימען און חוסָהן, צו מערב, ביים טויער שַׁלֶכֶת, לעבן דעם וועג וואָס גייט אַרויף צו, אַ וואַך קעגן אַ וואַך. 17 צו מזרח זעקס לוִיִים, צו צפון פיר אַ טאָג, צו דָרום פיר אַ טאָג, און ביי דעם זאַמלהויז צו צוויי. 18 פאַר דעם פאָרהויף צו מערב, פיר ביים וועג, צוויי ביים פאָרהויף. 19 דאָס זיינען געווען די אָפּטיילונגען פון די טויערלייט פון די קינדער פון די קָרחים און פון די קינדער פון מרָרי.

20 און פון די לוִיִים, איז אַחִיָה געווען איבער די שאַצן פון גאָטס הויז, און איבער די שאַצן פון די געהייליקטע זאַכן. 21 די קינדער פון לַעְדָן, די קינדער פון די גֵרשונים פון לַעְדָן, די הויפּטן פון די פאָטערהייזער פון לַעְדָן דעם גֵרשוני, זיינען געווען די יחיאֵלים. 22 די קינדער פון די יחיאֵלים, זֵתָם, און זיין ברודער יוֹאֵל, זיינען געווען איבער די שאַצן פון גאָטס הויז. 23 פון די עַמרָמים, פון די יִצהָרים, פון די חֶברונים, פון די עוזיאֵלים, 24 איז

שבואֵל דער זון פון גֵרשום דעם זון פון משהן, געווען דער פירשט איבער די שאַצן. 25 און זיינע ברידער, פון אֱליעֶזֶרן, זיינען געווען: זיין זון רחַביָהו, און זיין זון ישַעיָהו, און זיין זון יוֹרָם, און זיין זון זִכרי, און זיין זון שלומית. 26 דערדאָזיקער שלומות און זיינע ברידער זיינען געווען איבער אַלע שאַצן פון די געהייליקטע זאַכן וואָס דוד המלך, און די הויפּטן פון די פּאָטערהייזער, די הויפּטלייט פון די טויזנטן און די הונדערטן, און די חיל־פירער, האָבן געהייליקט. 27 פון די מלחמות און פון דעם רויב האָבן זיי עס געהייליקט אויף צו פאַרריכטן דאָס הויז פון גאָט. 28 און אַלץ וואָס שמואל דער זעער, און שָאול דער זון פון קישן, און אַבנֵר דער זון פון נֵרן, און יוֹאָב דער זון פון צרויָהן, האָבן געהייליקט, ווער נאָר עס האָט געהייליקט, איז דאָס געווען אונטער דער האַנט פון שלומיתן און זיינע ברידער.

29 פון די יִצהָרים, זיינען כּנַניָהו און זיינע זין געווען פאַרן אויסנווייניקסטן דינסט איבער ישׂראל, פאַר אויפזעער און פאַר ריכטער. 30 פון די חֶברונים זיינען חַשַביָהו און זיינע ברידער, העלדישע יונגען, טויזנט און זיבן הונדערט, געווען פאַר דער אויפזעונג איבער ישׂראל פון יענער זייט יַרדן צו מערב, פאַר יעטוועדער אַרבעט פון גאָט, און פאַר דעם דינסט פון מלך. 31 פון די חֶברונים, איז יִריָה געווען דער הויפּט – פון די חֶברונים לויט זייערע געבורטן נאָך די פּאָטערהייזער. אין פערציקסטן יאָר פון דודס מלוכה זיינען זיי נאָכגעזוכט געוואָרן, און עס זיינען געפונען געוואָרן צווישן זיי העלדישע גיבורים אין יַעזֵיר־גִלעָד. 32 און זיינע ברידער, העלדישע יונגען, זיינען געווען צוויי טויזנט און זיבן הונדערט, הויפּטן פון פּאָטערהייזער; און דוד המלך האָט זיי אויפגעזעצט איבער די ראובֵנים, און די גָדים, און דעם האַלבן שבט מנשה, פאַר אַלע זאַכן פון גאָט און זאַכן פון מלך.

כד לַחֶבְרוֹנִי לְעָזִּיאֵלִי: וּשְׁבֻאֵל בֶּן־גֵּרְשׁוֹם בֶּן־מֹשֶׁה נָגִיד
כה עַל־הָאֹצָרוֹת: וְאֶחָיו לֶאֱלִיעֶזֶר רְחַבְיָהוּ בְנוֹ וִישַׁעְיָהוּ בְנוֹ
כו וְיֹרָם בְּנוֹ וְזִכְרִי בְנוֹ וּשְׁלֹמוֹת בְּנוֹ: הוּא שְׁלֹמוֹת וְאֶחָיו
עַל כָּל־אֹצְרוֹת הַקֳּדָשִׁים אֲשֶׁר הִקְדִּישׁ דָּוִיד הַמֶּלֶךְ
וְרָאשֵׁי הָאָבוֹת לְשָׂרֵי־הָאֲלָפִים וְהַמֵּאוֹת וְשָׂרֵי הַצָּבָא:
כז מִן־הַמִּלְחָמוֹת וּמִן־הַשָּׁלָל הִקְדִּישׁוּ לְחַזֵּק לְבֵית יְהוָה:
כח וְכֹל הַהִקְדִּישׁ שְׁמוּאֵל הָרֹאֶה וְשָׁאוּל בֶּן־קִישׁ וְאַבְנֵר בֶּן־
נֵר וְיוֹאָב בֶּן־צְרוּיָה כֹּל הַמַּקְדִּישׁ עַל־יַד־שְׁלֹמִית וְאֶחָיו:
כט לַיִּצְהָרִי כְּנַנְיָהוּ וּבָנָיו לַמְּלָאכָה הַחִיצוֹנָה עַל־יִשְׂרָאֵל
ל לְשֹׁטְרִים וּלְשֹׁפְטִים: לַחֶבְרוֹנִי חֲשַׁבְיָהוּ וְאֶחָיו בְּנֵי־חַיִל
אֶלֶף וּשְׁבַע־מֵאוֹת עַל פְּקֻדַּת יִשְׂרָאֵל מֵעֵבֶר לַיַּרְדֵּן
לא מַעְרָבָה לְכֹל מְלֶאכֶת יְהוָה וְלַעֲבֹדַת הַמֶּלֶךְ: לַחֶבְרוֹנִי
יְרִיָּה הָרֹאשׁ לַחֶבְרוֹנִי לְתֹלְדֹתָיו לְאָבוֹת בִּשְׁנַת הָאַרְבָּעִים
לְמַלְכוּת דָּוִיד נִדְרָשׁוּ וַיִּמָּצֵא בָהֶם גִּבּוֹרֵי חַיִל בְּיַעְזֵיר
לב גִּלְעָד: וְאֶחָיו בְּנֵי־חַיִל אַלְפַּיִם וּשְׁבַע מֵאוֹת רָאשֵׁי הָאָבוֹת
וַיַּפְקִידֵם דָּוִיד הַמֶּלֶךְ עַל־הָרְאוּבֵנִי וְהַגָּדִי וַחֲצִי שֵׁבֶט
הַמְנַשִּׁי לְכָל־דְּבַר הָאֱלֹהִים וּדְבַר הַמֶּלֶךְ:

כז

א וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל ׀ לְמִסְפָּרָם רָאשֵׁי הָאָבוֹת ׀ וְשָׂרֵי הָאֲלָפִים ׀
וְהַמֵּאוֹת וְשֹׁטְרֵיהֶם הַמְשָׁרְתִים אֶת־הַמֶּלֶךְ לְכֹל ׀ דְּבַר
הַמַּחְלְקוֹת הַבָּאָה וְהַיֹּצֵאת חֹדֶשׁ בְּחֹדֶשׁ לְכֹל חָדְשֵׁי
הַשָּׁנָה הַמַּחֲלֹקֶת הָאַחַת עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה אָלֶף:
ב עַל הַמַּחֲלֹקֶת הָרִאשׁוֹנָה לַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן יָשָׁבְעָם בֶּן־
ג זַבְדִּיאֵל וְעַל מַחֲלֻקְתּוֹ עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה אָלֶף: מִן־בְּנֵי־
פֶרֶץ הָרֹאשׁ לְכָל־שָׂרֵי הַצְּבָאוֹת לַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן:
ד וְעַל מַחֲלֹקֶת ׀ הַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי דּוֹדַי הָאֲחוֹחִי וּמַחֲלֻקְתּוֹ
וּמִקְלוֹת הַנָּגִיד וְעַל מַחֲלֻקְתּוֹ עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה אָלֶף:

---

כו, כה׳ ושלומית קרי   לא׳ בס״א ידיה   יתיר ׳

כז 1 און די קינדער פון ישׂראל לויט זייער צאָל, די הויפּטן פון די פּאָטערהייזער און די הויפּטלייט פון די טויזנטן און הונדערטן, און זייערע אויפזעער, וואָס האָבן באַדינט דעם מלך אין אַלע זאַכן פון די אָפּטיילונגען וואָס זיינען אַריינגעקומען און אַרויסגעגאַנגען חודש פאַר חודש דורך אַלע חדשים פון יאָר, זיינען געווען צו פיר און צוואַנציק טויזנט אין איטלעכער אָפּטיילונג.

2 איבער דער ערשטער אָפּטיילונג פאַרן ערשטן חודש איז געווען יָשָבעָם דער זון פון זַבדיאֵלן; און אין זיין אָפּטיילונג זיינען געווען פיר און צוואַנציק טויזנט. 3 פון די קינדער פון פֶּרֶץ איז ער געווען; דער הויפּט פון אַלע חיל־פירער פאַרן ערשטן חודש.

4 און איבער דער אָפּטיילונג פון צווייטן חודש איז געווען דוֹדַי פון אַחוֹחַ, און מיט זיין אָפּטיילונג איז געווען מִקלוֹת דער פירשט; און אין זיין אָפּטיילונג זיינען געווען פיר און צוואַנציק טויזנט.

ה שַׂר הַצָּבָא הַשְּׁלִישִׁי לַחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי בְּנָיָהוּ בֶן־יְהוֹיָדָע
ו הַכֹּהֵן רֹאשׁ וְעַל מַחֲלֻקְתּוֹ עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה אָלֶף׃ הוּא
בְּנָיָהוּ גִּבּוֹר הַשְּׁלֹשִׁים וְעַל־הַשְּׁלֹשִׁים וּמַחֲלֻקְתּוֹ עַמִּיזָבָד
ז בְּנוֹ׃ הָרְבִיעִי לַחֹדֶשׁ הָרְבִיעִי עֲשָׂהאֵל אֲחִי יוֹאָב
וּזְבַדְיָה בְנוֹ אַחֲרָיו וְעַל מַחֲלֻקְתּוֹ עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה אָלֶף׃
ח הַחֲמִישִׁי לַחֹדֶשׁ הַחֲמִישִׁי הַשַּׂר שַׁמְהוּת הַיִּזְרָח
ט וְעַל מַחֲלֻקְתּוֹ עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה אָלֶף׃ הַשִּׁשִּׁי
לַחֹדֶשׁ הַשִּׁשִּׁי עִירָא בֶן־עִקֵּשׁ הַתְּקוֹעִי וְעַל מַחֲלֻקְתּוֹ
י עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה אָלֶף׃ הַשְּׁבִיעִי לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי
חֶלֶץ הַפְּלוֹנִי מִן־בְּנֵי אֶפְרָיִם וְעַל מַחֲלֻקְתּוֹ עֶשְׂרִים
יא וְאַרְבָּעָה אָלֶף׃ הַשְּׁמִינִי לַחֹדֶשׁ הַשְּׁמִינִי סִבְּכַי
הַחֻשָׁתִי לַזַּרְחִי וְעַל מַחֲלֻקְתּוֹ עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה אָלֶף׃
יב הַתְּשִׁיעִי לַחֹדֶשׁ הַתְּשִׁיעִי אֲבִיעֶזֶר הָעַנְּתֹתִי
לַבֶּנְיְמִינִי וְעַל מַחֲלֻקְתּוֹ עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה אָלֶף׃
יג הָעֲשִׂירִי לַחֹדֶשׁ הָעֲשִׂירִי מַהְרַי הַנְּטוֹפָתִי לַזַּרְחִי וְעַל
יד מַחֲלֻקְתּוֹ עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה אָלֶף׃ עַשְׁתֵּי־עָשָׂר
לְעַשְׁתֵּי עָשָׂר הַחֹדֶשׁ בְּנָיָה הַפִּרְעָתוֹנִי מִן־בְּנֵי אֶפְרָיִם וְעַל
טו מַחֲלֻקְתּוֹ עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה אָלֶף׃ הַשְּׁנֵים עָשָׂר
לִשְׁנֵים עָשָׂר הַחֹדֶשׁ חֶלְדַּי הַנְּטוֹפָתִי לְעָתְנִיאֵל וְעַל
טז מַחֲלֻקְתּוֹ עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה אָלֶף׃ וְעַל שִׁבְטֵי
יִשְׂרָאֵל לָרְאוּבֵנִי נָגִיד אֱלִיעֶזֶר בֶּן־זִכְרִי לַשִּׁמְעוֹנִי שְׁפַטְיָהוּ
יז בֶּן־מַעֲכָה׃ לְלֵוִי חֲשַׁבְיָה בֶן־קְמוּאֵל לְאַהֲרֹן צָדוֹק׃
יח לִיהוּדָה אֱלִיהוּ מֵאֲחֵי דָוִיד לְיִשָּׂשכָר עָמְרִי בֶּן־מִיכָאֵל׃
יט לִזְבוּלֻן יִשְׁמַעְיָהוּ בֶּן־עֹבַדְיָהוּ לְנַפְתָּלִי יְרִימוֹת בֶּן־עַזְרִיאֵל׃
כ לִבְנֵי אֶפְרַיִם הוֹשֵׁעַ בֶּן־עֲזַזְיָהוּ לַחֲצִי שֵׁבֶט מְנַשֶּׁה יוֹאֵל
כא בֶּן־פְּדָיָהוּ׃ לַחֲצִי הַמְנַשֶּׁה גִּלְעָדָה יִדּוֹ בֶּן־זְכַרְיָהוּ לְבִנְיָמִן
כב יַעֲשִׂיאֵל בֶּן־אַבְנֵר׃ לְדָן עֲזַרְאֵל בֶּן־יְרֹחָם אֵלֶּה שָׂרֵי

ו׳ בס״א בְּשׁ׳ י׳ בס״א תֶ׳ יב׳ לבן ימיני קי׳

[5] דער דריטער חיל־פירער פאַרן דריטן חודש איז געווען בְּנָיָהו דער זון פון דעם כֹהן יהוֹיָדָע, דער הויפּט; און אין זיין אָפּטיילונג זיינען געווען פיר און צוואַנציק טויזנט.

[6] דאָס איז בְּנָיָהו דער גיבור פון די דרייסיק און איבער די דרייסיק; מיט זיין אָפּטיילונג איז געווען זיין זון עַמיזָבָד.

[7] דער פירטער פאַרן פירטן חודש איז געווען עֲשָׂהאֵל, דער ברודער פון יואָבן, און זַבַדיָה זיין זון נאָך אים; און אין זיין אָפּטיילונג זיינען געווען פיר און צוואַנציק טויזנט.

[8] דער פינפטער פאַרן פינפטן חודש איז געווען דער הויפּטמאַן שַמהות דער יִזְרָחי; און אין זיין אָפּטיילונג זיינען געווען פיר און צוואַנציק טויזנט.

[9] דער זעקסטער פאַרן זעקסטן חודש איז געווען עִירָא דער זון פון עִקֵשן פון תקוֹע; און אין זיין אָפּטיילונג זיינען געווען פיר און צוואַנציק טויזנט.

[10] דער זיבעטער פאַרן זיבעטן חודש איז געווען חֶלֶץ פון פלון, פון די קינדער פון אפרים; און אין זיין אָפּטיילונג זיינען געווען פיר און צוואַנציק טויזנט.

[11] דער אַכטער פאַרן אַכטן חודש איז געווען סִבְּכַי פון חוּשָה, פון די זַרחים; און אין זיין אָפּטיילונג זיינען געווען פיר און צוואַנציק טויזנט.

[12] דער ניינטער פאַרן ניינטן חודש איז געווען אַביעֶזֶר פון עַנָתות, פון די בנימינער; און אין זיין אָפּטיילונג זיינען געווען פיר און צוואַנציק טויזנט.

[13] דער צענטער פאַרן צענטן חודש איז געווען מַהַרַי פון נטוֹפָה, פון די זַרחים; און אין זיין אָפּטיילונג זיינען געווען פיר און צוואַנציק טויזנט.

[14] דער עלפטער פאַרן עלפטן חודש איז געווען בנָיָה פון פִּרעָתון, פון די קינדער פון אפרים; און אין זיין אָפּטיילונג זיינען געווען פיר און צוואַנציק טויזנט.

[15] דער צוועלפטער פאַרן צוועלפטן חודש איז געווען חֶלדַי פון נטוֹפָה, פון עָתניאֵל; און אין זיין אָפּטיילונג זיינען געווען פיר און צוואַנציק טויזנט.

[16] און איבער די שבטים פון ישראל: פון די ראובֵנים איז געווען דער פירשט, אֶליעֶזֶר דער זון פון זכרין; פון די שמעונים, שפַטיָהו דער זון פון מַעֲכָהן; [17] פון לֵוִי, חֲשַביָה דער זון פון קמואֵלן; פון אַהרן, צָדוק; [18] פון יהודה, אֶליהו פון דודס ברידער; פון יִששָכָר, עָמרי דער זון פון מיכָאֵלן; [19] פון זבולון, יִשמַעיָהו דער זון פון עוֹבַדיָהון; פון נפתלי, ירימות דער זון פון עַזריאֵלן; [20] פון די קינדער פון אפרים, הוֹשֵעַ דער זון פון עֲזַזיָהון; פון דעם האַלבן שבט מנשה, יואֵל דער זון פון פּדָיָהון; [21] פון דעם האַלבן שבט מנשה אין גִלעָד, יִדוֹ דער זון פון זכַריָהון; פון בנימין, יַעֲשיאֵל דער זון פון אַבנֵרן; [22] פון דָן, עֲזַראֵל דער זון פון ירוֹחָמען. דאָס זיינען געווען די האַרן

פון די שבטים פון ישׂראל. [23] און דוד האָט ניט אויפגע־
נומען זייער צאָל פון צוואַנציק יאָר אַלט און אַרונטער;
וואָרום גאָט האָט צוגעזאָגט צו מערן ישׂראל אַזוי ווי די
שטערן פון הימל. [24] יואָב דער זון פון צרויָהן האָט אָנגע־
הויבן ציילן און צומאָל ניט געענדיקט, פונדעסטוועגן איז
געווען איבער דעם אַ צאָרן אויף ישׂראל; און די צאָל
איז ניט אַריין אין דער דערציילונג פון די צייטגעשעענישן
פון מלך דוד.

[25] און איבער די שאַצן פון דעם מלך איז געווען
עַזמָוֶת דער זון פון עַדיאֵלן, און איבער די שפּייכלערס
אין די פעלדער, אין די שטעט, און אין די דערפער, און
אין די טורעמס, יהונָתָן דער זון פון עוזִיָהון. [26] און איבער
די וואָס טוען פעלדאַרבעט ביי דער באַאַרבעטונג פון
דער ערד, עֶזרי דער זון פון כלובן. [27] און איבער די
ווייגערטנער, שִׁמעִי פון רָמָה; און איבער וואָס אין די
ווייגערטנער פאַר די ווייקעלערס, זַבדי פון שִׁפם. [28] און
איבער די אייל־בערטביימער און די ווילדע פייגנביימער
וואָס אין דער נידערונג, בַּעַל־חָנָן פון גֶדֶר; און איבער די
אייל־קעלערס, יוֹעָש. [29] און איבער די רינדער וואָס האָבן
זיך געפּיטערט אין שָׁרון, שִׁרטַי פון שָׁרון; און איבער די
רינדער אין די טאָלן, שָׁפָט דער זון פון עַדלַין. [30] און
איבער די קעמלען, אוֹביל דער יִשמעאֵלי; און איבער
די אייזעלינס, יֶחדְיָהו פון מֵרונות. [31] און איבער די שאָף,
יָזיז דער הַגרי. די אַלע זיינען געווען די אויבערלייט
איבער דעם פאַרמעג וואָס דער מלך דוד האָט געהאַט.

[32] און יהונָתָן, דודס פעטער איז געווען אַ בעל־יועץ, אַ פאַרשטאַנדיקער מאַן און אַ שרייבער. און יחיאֵל דער
זון פון חַכמונין איז געווען מיט דעם מלכס זין. [33] און אַחיתוֹפֶל איז געווען דעם מלכס בעל־יועץ, און חושַׁי דער
אַרכי איז געווען דעם מלכס גוטער פריינט. [34] און נאָך אַחיתוֹפֶלן איז געווען יהוֹיָדָע דער זון פון בנָיָהון, און אֶביָתָר;
און דער חיל־פירער פון דעם מלך איז געווען יואָב.

כח [1] און דוד האָט איינגעזאַמלט אַלע האַרן פון ישׂראל, די האַרן פון די שבטים, און די הויפטלייט פון די
אָפּטיילונגען וואָס האָבן באַדינט דעם מלך, און די הויפטלייט פון די טויזנטן און די הויפטלייט פון די
הונדערטן, און די אויבערלייט איבער דעם גאַנצן פאַרמעג און פי פון מלך און פון זיינע זין, מיט די הויפדינער און
די גיבורים — איטלעכן העלדישן גיבור — קיין ירושָׁלַיִם. [2] און דוד המלך האָט זיך געשטעלט אויף זיינע פיס, און האָט גע־
זאָגט: הערט מיך צו, מיינע ברידער און מיין פאָלק; ביי מיר אין מיין האַרצן איז געווען צו בויען אַ הויז פון רו פאַר דעם
אָרון פון יהוהס בונד, און פאַר אַ פוסבענקל פאַר אונדזער גאָט, און איך האָב זיך אָנגעברייט צו בויען. [3] אָבער גאָט האָט

כג שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְלֹא־נָשָׂא דָוִיד מִסְפָּרָם לְמִבֶּן עֶשְׂרִים
שָׁנָה וּלְמָטָּה כִּי אָמַר יְהוָה לְהַרְבּוֹת אֶת־יִשְׂרָאֵל כְּכוֹכְבֵי
כד הַשָּׁמָיִם׃ יוֹאָב בֶּן־צְרוּיָה הֵחֵל לִמְנוֹת וְלֹא כִלָּה וַיְהִי
בָזֹאת קֶצֶף עַל־יִשְׂרָאֵל וְלֹא עָלָה הַמִּסְפָּר בְּמִסְפַּר
כה דִּבְרֵי הַיָּמִים לַמֶּלֶךְ דָּוִיד׃ * וְעַל אֹצְרוֹת הַמֶּלֶךְ
עַזְמָוֶת בֶּן־עֲדִיאֵל וְעַל־הָאֹצָרוֹת בַּשָּׂדֶה בֶּעָרִים וּבַכְּפָרִים
כו וּבַמִּגְדָּלוֹת יְהוֹנָתָן בֶּן־עֻזִּיָּהוּ׃ וְעַל עֹשֵׂי מְלֶאכֶת
כז הַשָּׂדֶה לַעֲבֹדַת הָאֲדָמָה עֶזְרִי בֶּן־כְּלוּב׃ וְעַל־
הַכְּרָמִים שִׁמְעִי הָרָמָתִי וְעַל שֶׁבַּכְּרָמִים לְאֹצְרוֹת הַיַּיִן
כח זַבְדִּי הַשִּׁפְמִי׃ וְעַל־הַזֵּיתִים וְהַשִּׁקְמִים אֲשֶׁר בַּשְּׁפֵלָה
כט בַּעַל חָנָן הַגְּדֵרִי וְעַל־אֹצְרוֹת הַשֶּׁמֶן יוֹעָשׁ׃ וְעַל־
הַבָּקָר הָרֹעִים בַּשָּׁרוֹן שִׁטְרַי הַשָּׁרוֹנִי וְעַל־הַבָּקָר בָּעֲמָקִים
ל שָׁפָט בֶּן־עַדְלָי׃ וְעַל־הַגְּמַלִּים אוֹבִיל הַיִּשְׁמְעֵלִי
לא וְעַל־הָאֲתֹנוֹת יֶחְדְּיָהוּ הַמֵּרֹנֹתִי׃ וְעַל־הַצֹּאן יָזִיז הַהַגְרִי
לב כָּל־אֵלֶּה שָׂרֵי הָרְכוּשׁ אֲשֶׁר לַמֶּלֶךְ דָּוִיד׃ וִיהוֹנָתָן
דּוֹד־דָּוִיד יוֹעֵץ אִישׁ־מֵבִין וְסוֹפֵר הוּא וִיחִיאֵל בֶּן־חַכְמוֹנִי
לג עִם־בְּנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַאֲחִיתֹפֶל יוֹעֵץ לַמֶּלֶךְ וְחוּשַׁי הָאַרְכִּי רֵעַ
לד הַמֶּלֶךְ׃ וְאַחֲרֵי אֲחִיתֹפֶל יְהוֹיָדָע בֶּן־בְּנָיָהוּ וְאֶבְיָתָר וְשַׂר־
צָבָא לַמֶּלֶךְ יוֹאָב׃

## כח

א וַיַּקְהֵל דָּוִיד אֶת־כָּל־שָׂרֵי יִשְׂרָאֵל שָׂרֵי הַשְּׁבָטִים וְשָׂרֵי
הַמַּחְלְקוֹת הַמְשָׁרְתִים אֶת־הַמֶּלֶךְ וְשָׂרֵי הָאֲלָפִים וְשָׂרֵי
הַמֵּאוֹת וְשָׂרֵי כָל־רְכוּשׁ־וּמִקְנֶה ׀ לַמֶּלֶךְ וּלְבָנָיו עִם־
ב הַסָּרִיסִים וְהַגִּבּוֹרִים וּלְכָל־גִּבּוֹר חָיִל אֶל־יְרוּשָׁלָםִ׃ וַיָּקָם
דָּוִיד הַמֶּלֶךְ עַל־רַגְלָיו וַיֹּאמֶר שְׁמָעוּנִי אַחַי וְעַמִּי אֲנִי עִם־
לְבָבִי לִבְנוֹת בֵּית מְנוּחָה לַאֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה וְלַהֲדֹם
ג רַגְלֵי אֱלֹהֵינוּ וַהֲכִינוֹתִי לִבְנוֹת׃ וְהָאֱלֹהִים אָמַר לִי לֹא־

כז, כה' חצי הספר בפסוקים   בס"א 'רות בשדה   כט' שטרי קרי
ל' חסר א   כח, א' קמץ בטרחא

תִבְנֶה בַיִת לִשְׁמִי כִּי אִישׁ מִלְחָמוֹת אַתָּה וְדָמִים שָׁפָכְתָּ׃
וַיִּבְחַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל בִּי מִכֹּל בֵּית־אָבִי לִהְיוֹת ד
לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל לְעוֹלָם כִּי בִיהוּדָה בָּחַר לְנָגִיד וּבְבֵית
יְהוּדָה בֵּית אָבִי וּבִבְנֵי אָבִי בִּי רָצָה לְהַמְלִיךְ עַל־כָּל־
יִשְׂרָאֵל׃ וּמִכָּל־בָּנַי כִּי רַבִּים בָּנִים נָתַן לִי יְהוָה וַיִּבְחַר ה
בִּשְׁלֹמֹה בְנִי לָשֶׁבֶת עַל־כִּסֵּא מַלְכוּת יְהוָה עַל־יִשְׂרָאֵל׃
וַיֹּאמֶר לִי שְׁלֹמֹה בִנְךָ הוּא־יִבְנֶה בֵיתִי וַחֲצֵרוֹתָי כִּי־ ו
בָחַרְתִּי בוֹ לִי לְבֵן וַאֲנִי אֶהְיֶה־לּוֹ לְאָב׃ וַהֲכִינוֹתִי אֶת־ ז
מַלְכוּתוֹ עַד־לְעוֹלָם אִם־יֶחֱזַק לַעֲשׂוֹת מִצְוֺתַי וּמִשְׁפָּטַי
כַּיּוֹם הַזֶּה׃ וְעַתָּה לְעֵינֵי כָל־יִשְׂרָאֵל קְהַל־יְהוָה וּבְאָזְנֵי ח
אֱלֹהֵינוּ שִׁמְרוּ וְדִרְשׁוּ כָּל־מִצְוֺת יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם לְמַעַן
תִּירְשׁוּ אֶת־הָאָרֶץ הַטּוֹבָה וְהִנְחַלְתֶּם לִבְנֵיכֶם אַחֲרֵיכֶם
עַד־עוֹלָם׃ וְאַתָּה שְׁלֹמֹה־בְנִי דַּע אֶת־אֱלֹהֵי אָבִיךָ ט
וְעָבְדֵהוּ בְּלֵב שָׁלֵם וּבְנֶפֶשׁ חֲפֵצָה כִּי כָל־לְבָבוֹת דּוֹרֵשׁ
יְהוָה וְכָל־יֵצֶר מַחֲשָׁבוֹת מֵבִין אִם־תִּדְרְשֶׁנּוּ יִמָּצֵא לָךְ
וְאִם־תַּעַזְבֶנּוּ יַזְנִיחֲךָ לָעַד׃ רְאֵה ׀ עַתָּה כִּי־יְהוָה בָּחַר־ י
בְּךָ לִבְנוֹת בַּיִת לַמִּקְדָּשׁ חֲזַק וַעֲשֵׂה׃ וַיִּתֵּן דָּוִיד יא
לִשְׁלֹמֹה בְנוֹ אֶת־תַּבְנִית הָאוּלָם וְאֶת־בָּתָּיו וְגַנְזַכָּיו וַעֲלִיֹּתָיו
וַחֲדָרָיו הַפְּנִימִים וּבֵית הַכַּפֹּרֶת׃ וְתַבְנִית כֹּל אֲשֶׁר הָיָה יב
בָרוּחַ עִמּוֹ לְחַצְרוֹת בֵּית־יְהוָה וּלְכָל־הַלְּשָׁכוֹת סָבִיב
לְאֹצְרוֹת בֵּית הָאֱלֹהִים וּלְאֹצְרוֹת הַקֳּדָשִׁים׃ וּלְמַחְלְקוֹת יג
הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם וּלְכָל־מְלֶאכֶת עֲבוֹדַת בֵּית־יְהוָה וּלְכָל־
כְּלֵי עֲבוֹדַת בֵּית־יְהוָה׃ לַזָּהָב בַּמִּשְׁקָל לַזָּהָב לְכָל־כְּלֵי יד
עֲבוֹדָה וַעֲבוֹדָה לְכֹל כְּלֵי הַכֶּסֶף בְּמִשְׁקָל לְכָל־כְּלֵי
עֲבוֹדָה וַעֲבוֹדָה׃ וּמִשְׁקָל לִמְנֹרוֹת הַזָּהָב וְנֵרֹתֵיהֶם זָהָב טו
בְּמִשְׁקַל מְנוֹרָה וּמְנוֹרָה וְנֵרֹתֶיהָ וְלִמְנֹרוֹת הַכֶּסֶף בְּמִשְׁקָל
לִמְנוֹרָה וְנֵרֹתֶיהָ כַּעֲבוֹדַת מְנוֹרָה וּמְנוֹרָה׃ וְאֶת־הַזָּהָב טז
מִשְׁקָל לְשֻׁלְחֲנוֹת הַמַּעֲרֶכֶת לְשֻׁלְחַן וְשֻׁלְחָן וְכֶסֶף

ג׳ בס״א אַתָּה

צו מיר געזאָגט: קענסט ניט בויען אַ הויז צו מיין נאָמען, וואָרום אַ מענטש פון מלחמות ביסטו, און בלוט האָסטו פאַרגאָסן. [4] אָבער יהוה דער גאָט פון ישׂראל האָט מיך אויסדערוויילט פון דעם גאַנצן הויז פון מיין פאָטער צו זיין אַ מלך איבער ישׂראל אויף אייביק; וואָרום יהודהן האָט גאָט אויסדערוויילט פאַר אַ פירשט, און אין דעם הויז פון יהודה, דעם הויז פון מיין פאָטער, און צווישן די זין פון מיין פאָטער, האָט ער מיך באַגערט, אויף צו מאַכן פאַר אַ מלך איבער גאַנץ ישׂראל. [5] און פון אַלע מיינע זין – וואָרום פיל זין האָט מיר גאָט געשאָנקען – האָט ער אויסדערוויילט מיין זון שלמהן צו זיצן אויף דעם טראָן פון גאָטס מלוכה איבער ישׂראל. [6] און ער האָט צו מיר געזאָגט: דיין זון שלמה, ער וועט בויען מיין הויז און מיינע הויפן, וואָרום איך האָב אים אויסדערוויילט פאַר אַ זון צו מיר, און איך וועל אים זיין פאַר אַ פאָטער. [7] און איך וועל באַפעסטיקן זיין מלוכה אויף אייביק, אויב ער וועט זיין שטאַרק, צו טאָן מיינע געבאָט און מיינע געזעצן אַזוי ווי היינטיקן טאָג. [8] און אַצונד, פאַר די אויגן פון גאַנץ ישׂראל, דער עדה פון יהוה, און אין די אויערן פון אונדזער גאָט; היט אָפּ און זוכט נאָך אַלע געבאָט פון יהוה אייער גאָט, כּדי איר זאָלט אַרבן דאָס גוטע לאַנד, און לאָזן אין ירושה צו אייערע קינדער נאָך אייך ביז אייביק.

[9] און דו שלמה מיין זון, ווייס דעם גאָט פון דיין פאָטער, און דין אים מיט אַ גאַנצן האַרצן, און מיט אַ ווילִיקער זעל, וואָרום אַלע הערצער פאָרשט יהוה, און יעטוועדער טראַכטעניש פון די געדאַנקען קען ער; אַז דו וועסט אים זוכן, וועט ער זיך לאָזן געפינען פון דיר, אָבער אַז דו וועסט אים פאַרלאָזן, וועט ער דיך אַוועקוואַרפן אויף אייביק. [10] קוק זיך אַרום אַצונד, וואָרום גאָט האָט דיך אויסדערוויילט צו בויען אַ הויז פאַר אַ הייליקטום; זיי שטאַרק, און טו.

[11] און דוד האָט געגעבן זיין זון שלמהן דאָס געמעל פון דעם פאָדערהויז, און זיינע בנינים, און זיינע שאַצקאַמערן, און זיינע אויבערשטובן, און זיינע אינעווייניקסטע חדרים, און דאָס הויז פון דעם דעק [פון אָרון]; [12] און דאָס געמעל פון אַלץ וואָס איז געווען ביי אים אין געדאַנקען, פאַר די הויפן פון גאָטס הויז, און פאַר אַלע קאַמערן רונד אַרום, פאַר די שאַצן פון גאָטס הויז, און פאַר די שאַצן פון די געהייליקטע זאַכן, [13] און פאַר די אָפּטיילונגען פון די כּהנים און די לוִיִים, און פאַר אַלערליי אַרבעט פון דעם דינסט אין גאָטס הויז, און פאַר די כּלים פון דעם דינסט אין גאָטס הויז.

[14] גאָלד אויפן וואָג, פאַר דעם גאָלד פון אַלערליי כּלים פאַר יעטוועדער דינסט; פאַר אַלע זילבערנע כּלים, אויפן וואָג, פאַר אַלערליי כּלים פון יעטוועדער דינסט. [15] און אויפן וואָג פאַר די גילדערנע מנורות מיט זייערע גילדערנע רערלעך, לויט דער וואָג פון איטלעכער מנורה מיט אירע רערלעך; און פאַר די זילבערנע מנורות לויט דער וואָג פון אַ מנורה מיט אירע רערלעך, ווי נאָך דער אַרבעט פון איטלעכער מנורה. [16] און גאָלד אויפן וואָג פאַר די טישן פון דער אויסלייגונג [פון ברויט], פאַר איטלעכן טיש; און זילבער פאַר די זילבערנע

טישן. [17] און פֿאַר די גאָפּלען, און די שפּרענגבעקנס, און
די קאַנען, ריינע גאָלד; און פֿאַר די גילדערנע בעכערס,
אויפֿן וואָג פֿאַר איטלעכן בעכער; און פֿאַר די זילבערנע
בעכערס, אויפֿן וואָג פֿאַר איטלעכן בעכער. [18] און פֿאַר
דעם מזבח פֿון ווייַרויך געלייטערטע גאָלד אויפֿן וואָג;
און גאָלד פֿאַר דער געשטאַלט פֿון דעם רייטוואָגן, די
כּרובים וואָס שפּרייטן אויס [די פֿליגלען] און שירעמען
איבער דעם אָרון פֿון גאָטס בונד. [19] דאָס אַלץ [גיב איך
דיר] אין געשריפֿטס, פֿון דער האַנט פֿון גאָט וואָס האָט
מיך געקליגט; אַלע אַרבעטן פֿון דעם געמעל."

[20] און דוד האָט געזאָגט צו זיין זון שלמהן: זיי שטאַרק
און פֿעסט, און טו; זאָלסט ניט מורא האָבן און ניט אַנגסטן,
וואָרום גאָט יהוה, מיין גאָט, איז מיט דיר; ער וועט דיך
ניט אָפּלאָזן און ניט פֿאַרלאָזן, ביז די גאַנצע אַרבעט פֿאַר
דעם דינסט פֿון יהוהס הויז וועט זיין געענדיקט. [21] און
אָט זיינען די אָפּטיילונגען פֿון די כּהנים און די לוִיִים פֿאַר
יעטוועדער דינסט פֿון גאָטס הויז; און דו האָסט מיט זיך
פֿאַר יעטוועדער אַרבעט איטלעכן וואָס איז גערנוויליק,
מיט קלוגשאַפֿט פֿאַר אַלערליי אַרבעט; און די האַרן
און דאָס גאַנצע פֿאָלק זיינען צו אַלע דיינע באַפֿעלן.

## כט

[1] און דוד המלך האָט געזאָגט צו דער גאַנצער
אַיינזאַמלונג: שלמה מיין זון, וואָס אים איינעם
האָט גאָט אויסדערוויילט, איז יונג און שוואַך, און די אַר־
בעט איז גרויס, וואָרום ניט פֿאַר אַ מענטשן איז דער
פּאַלאַץ, נאָר פֿאַר גאָט דעם האַר. [2] און מיט אַלע מיינע כּוחות האָב איך אָנגעגרייט פֿאַר דעם הויז פֿון מיין גאָט,
גאָלד פֿאַר די גילדערנע זאַכן, און זילבער פֿאַר די זילבערנע, און קופּער פֿאַר די קופּערנע, אייַזן פֿאַר די
אַייזערנע, און האָלץ פֿאַר די הילצערנע; אָניקלשטיינער און שטיינער צום איינפֿאַסן, גלאַנציקע און פֿילפֿאַרביקע
שטיינער, און אַלערליי טייער געשטיין, און מירמלשטיינער לרוב. [3] און מער נאָך: ווייל איך באַגער דאָס הויז פֿון
מיין גאָט, האָב איך אַן אוצר גאָלד און זילבער וואָס איך גיב אַוועק פֿאַר דעם הויז פֿון מיין גאָט, אַחוץ אַלץ וואָס
איך האָב אָנגעגרייט פֿאַר דעם הייליקן הויז: [4] דריי טויזנט צענטנער גאָלד, פֿון גאָלד פֿון אופֿיר, און זיבן טויזנט
צענטנער געלייטערטע זילבער, אויף צו באַלייגן די ווענט פֿון די הייזער; [5] גאָלד ווו מע דאַרף גאָלד, און זילבער
ווו זילבער; און פֿאַר יעטוועדער אַרבעט דורך דער האַנט פֿון מייַנסטערס. און ווער וויל היינט מנדב זיין מיט
זיין פֿולער האַנט צו גאָט?

[6] און די האַרן פֿון די פּאָטערהייזער, און די האַרן פֿון די שבטים פֿון ישראל, און די הויפּטלייט פֿון די טויזנטן
און די הונדערטן, און די אויבערלייט איבער דעם מלכס ווירטשאַפֿט, האָבן מנדב געווען. [7] און זיי האָבן געשאָנ־
קען פֿאַר דער אַרבעט פֿון גאָטס הויז, גאָלד פֿינף טויזנט צענטנער, און אַדרכּונים צען טויזנט, און זילבער צען

יז לְשֻׁלְחֲנוֹת הַכָּסֶף׃ וְהַמִּזְלָגוֹת וְהַמִּזְרָקוֹת וְהַקְּשָׂוֹת זָהָב
טָהוֹר וְלִכְפוֹרֵי הַזָּהָב בְּמִשְׁקָל לִכְפוֹר וּכְפוֹר וְלִכְפוֹרֵי
יח הַכֶּסֶף בְּמִשְׁקָל לִכְפוֹר וּכְפוֹר׃ וּלְמִזְבַּח הַקְּטֹרֶת זָהָב
מְזֻקָּק בַּמִּשְׁקָל וּלְתַבְנִית הַמֶּרְכָּבָה הַכְּרֻבִים זָהָב
יט לְפֹרְשִׂים וְסֹכְכִים עַל־אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה׃ הַכֹּל בִּכְתָב
מִיַּד יְהוָה עָלַי הִשְׂכִּיל כֹּל מַלְאֲכוֹת הַתַּבְנִית׃
כ וַיֹּאמֶר דָּוִיד לִשְׁלֹמֹה בְנוֹ חֲזַק וֶאֱמַץ וַעֲשֵׂה אַל־תִּירָא
וְאַל־תֵּחָת כִּי יְהוָה אֱלֹהִים אֱלֹהַי עִמָּךְ לֹא יַרְפְּךָ וְלֹא
כא יַעַזְבֶךָּ עַד־לִכְלוֹת כָּל־מְלֶאכֶת עֲבוֹדַת בֵּית־יְהוָה׃ וְהִנֵּה
מַחְלְקוֹת הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם לְכָל־עֲבוֹדַת בֵּית הָאֱלֹהִים
וְעִמְּךָ בְכָל־מְלָאכָה לְכָל־נָדִיב בַּחָכְמָה לְכָל־עֲבוֹדָה
וְהַשָּׂרִים וְכָל־הָעָם לְכָל־דְּבָרֶיךָ׃

כט

א וַיֹּאמֶר דָּוִיד הַמֶּלֶךְ לְכָל־הַקָּהָל שְׁלֹמֹה בְנִי אֶחָד בָּחַר־
בּוֹ אֱלֹהִים נַעַר וָרָךְ וְהַמְּלָאכָה גְדוֹלָה כִּי לֹא לְאָדָם
ב הַבִּירָה כִּי לַיהוָה אֱלֹהִים׃ וּכְכָל־כֹּחִי הֲכִינוֹתִי לְבֵית
אֱלֹהַי הַזָּהָב ׀ לַזָּהָב וְהַכֶּסֶף לַכֶּסֶף וְהַנְּחֹשֶׁת לַנְּחֹשֶׁת
הַבַּרְזֶל לַבַּרְזֶל וְהָעֵצִים לָעֵצִים אַבְנֵי־שֹׁהַם וּמִלּוּאִים
אַבְנֵי־פוּךְ וְרִקְמָה וְכֹל־אֶבֶן יְקָרָה וְאַבְנֵי־שַׁיִשׁ לָרֹב׃
ג וְעוֹד בִּרְצוֹתִי בְּבֵית אֱלֹהַי יֶשׁ־לִי סְגֻלָּה זָהָב וָכָסֶף נָתַתִּי
לְבֵית־אֱלֹהַי לְמַעְלָה מִכָּל־הֲכִינוֹתִי לְבֵית הַקֹּדֶשׁ׃
ד שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים כִּכְּרֵי זָהָב מִזְּהַב אוֹפִיר וְשִׁבְעַת אֲלָפִים
ה כִּכַּר־כֶּסֶף מְזֻקָּק לָטוּחַ קִירוֹת הַבָּתִּים׃ לַזָּהָב לַזָּהָב
וְלַכֶּסֶף לַכֶּסֶף וּלְכָל־מְלָאכָה בְּיַד חָרָשִׁים וּמִי מִתְנַדֵּב
ו לְמַלֹּאות יָדוֹ הַיּוֹם לַיהוָה׃ וַיִּתְנַדְּבוּ שָׂרֵי הָאָבוֹת וְשָׂרֵי ׀
שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל וְשָׂרֵי הָאֲלָפִים וְהַמֵּאוֹת וּלְשָׂרֵי מְלֶאכֶת
ז הַמֶּלֶךְ׃ וַיִּתְּנוּ לַעֲבוֹדַת בֵּית־הָאֱלֹהִים זָהָב כִּכָּרִים

כט, ה׳ יתירה ו׳ בס״א ויתנדבו ׳רי ׳בות ׳רי ׳טי ׳אל

חֲמֵשֶׁת־אֲלָפִים וַאֲדַרְכֹנִים רִבּוֹ וְכֶסֶף כִּכָּרִים עֲשֶׂרֶת
אֲלָפִים וּנְחֹשֶׁת רִבּוֹ וּשְׁמוֹנַת אֲלָפִים כִּכָּרִים וּבַרְזֶל מֵאָה־
אֶלֶף כִּכָּרִים: וְהַנִּמְצָא אִתּוֹ אֲבָנִים נָתְנוּ לְאוֹצַר בֵּית־ ח
יְהוָה עַל־יַד־יְחִיאֵל הַגֵּרְשֻׁנִּי: וַיִּשְׂמְחוּ הָעָם עַל־הִתְנַדְּבָם ט
כִּי בְּלֵב שָׁלֵם הִתְנַדְּבוּ לַיהוָה וְגַם דָּוִיד הַמֶּלֶךְ שָׂמַח
שִׂמְחָה גְדוֹלָה: וַיְבָרֶךְ דָּוִיד אֶת־יְהוָה לְעֵינֵי כָּל־ י
הַקָּהָל וַיֹּאמֶר דָּוִיד בָּרוּךְ אַתָּה יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
אָבִינוּ מֵעוֹלָם וְעַד־עוֹלָם: לְךָ יְהוָה הַגְּדֻלָּה וְהַגְּבוּרָה יא
וְהַתִּפְאֶרֶת וְהַנֵּצַח וְהַהוֹד כִּי־כֹל בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ לְךָ יְהוָה
הַמַּמְלָכָה וְהַמִּתְנַשֵּׂא לְכֹל ׀ לְרֹאשׁ: וְהָעֹשֶׁר וְהַכָּבוֹד יב
מִלְּפָנֶיךָ וְאַתָּה מוֹשֵׁל בַּכֹּל וּבְיָדְךָ כֹּחַ וּגְבוּרָה וּבְיָדְךָ
לְגַדֵּל וּלְחַזֵּק לַכֹּל: וְעַתָּה אֱלֹהֵינוּ מוֹדִים אֲנַחְנוּ לָךְ יג
וּמְהַלְלִים לְשֵׁם תִּפְאַרְתֶּךָ: וְכִי מִי אֲנִי וּמִי עַמִּי כִּי־ יד
נַעְצֹר כֹּחַ לְהִתְנַדֵּב כָּזֹאת כִּי־מִמְּךָ הַכֹּל וּמִיָּדְךָ נָתַנּוּ לָךְ:
כִּי־גֵרִים אֲנַחְנוּ לְפָנֶיךָ וְתוֹשָׁבִים כְּכָל־אֲבֹתֵינוּ כַּצֵּל ׀ יָמֵינוּ טו
עַל־הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה: יְהוָה אֱלֹהֵינוּ כֹּל הֶהָמוֹן הַזֶּה טז
אֲשֶׁר הֲכִינֹנוּ לִבְנוֹת־לְךָ בַיִת לְשֵׁם קָדְשֶׁךָ מִיָּדְךָ הִיא
וּלְךָ הַכֹּל: וְיָדַעְתִּי אֱלֹהַי כִּי אַתָּה בֹּחֵן לֵבָב וּמֵישָׁרִים יז
תִּרְצֶה אֲנִי בְּיֹשֶׁר לְבָבִי הִתְנַדַּבְתִּי כָל־אֵלֶּה וְעַתָּה עַמְּךָ
הַנִּמְצְאוּ־פֹה רָאִיתִי בְשִׂמְחָה לְהִתְנַדֶּב־לָךְ: יְהוָה אֱלֹהֵי יח
אַבְרָהָם יִצְחָק וְיִשְׂרָאֵל אֲבֹתֵינוּ שָׁמְרָה־זֹּאת לְעוֹלָם
לְיֵצֶר מַחְשְׁבוֹת לְבַב עַמֶּךָ וְהָכֵן לְבָבָם אֵלֶיךָ: וְלִשְׁלֹמֹה יט
בְנִי תֵּן לֵבָב שָׁלֵם לִשְׁמוֹר מִצְוֺתֶיךָ עֵדְוֺתֶיךָ וְחֻקֶּיךָ
וְלַעֲשׂוֹת הַכֹּל וְלִבְנוֹת הַבִּירָה אֲשֶׁר־הֲכִינוֹתִי:
וַיֹּאמֶר דָּוִיד לְכָל־הַקָּהָל בָּרְכוּ־נָא אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם כ
וַיְבָרְכוּ כָל־הַקָּהָל לַיהוָה אֱלֹהֵי אֲבֹתֵיהֶם וַיִּקְּדוּ וַיִּשְׁתַּחֲווּ
לַיהוָה וְלַמֶּלֶךְ: וַיִּזְבְּחוּ לַיהוָה ׀ זְבָחִים וַיַּעֲלוּ עֹלוֹת כא

י׳ בס״א הֵי ישראל אבינו    טז׳ הא קי

טויזנט צענטנער, און קופּער אַכצן טויזנט צענטנער, און אײַזן הונדערט טויזנט צענטנער. [8] און די וואָס בײַ ווי האָבן זיך געפונען טײַערע שטיינער, האָבן עס אַוועקגעגעבן צו דעם שאַץ פון גאָטס הויז, אונטער דער האַנט פון יחיאל דעם גרשוני. [9] און דאָס פאָלק האָט זיך געפרייט וואָס זיי האָבן מנדב געווען, וואָרום מיטן גאַנצן האַרצן האָבן זיי מנדב געווען צו גאָט, און אויך דוד המלך האָט זיך געפרייט אַ גרויס פרייד.

[10] און דוד האָט געלויבט גאָט פאַר די אויגן פון דער גאַנצער אײַנזאַמלונג, און דוד האָט געזאָגט: געלויבט ביסטו יהוה דער גאָט פון ישׂראל, אונדזער פאָטער, פון אייביק און ביז אייביק. [11] דײַן, גאָט, איז די גרויסקייט, און די שטאַרקייט, און די פּראַכטיקייט, און די אייביקייט, און דער גלאַנץ, וואָרום אַלץ וואָס אויפן הימל און אויף דער ערד [אין דײַן]; דײַן, גאָט, איז די מלוכה, און דו ביסט דערהויבן צום הויפּט איבער אַלעם. [12] און עושר און כבוד ווײַנען פון דיר, און דו געוועלטיקסט איבער אַלץ, און אין דײַן האַנט איז כּוח און גבורה, און אין דײַן האַנט איז צו גרייסן און צו שטאַרקן אַלעמען. [13] און אַצונד, אונדזער גאָט, דאַנקען מיר דיר, און לויבן דײַן פּראַכטיקן נאָמען. [14] וואָרום ווער בין איך, און ווער איז מײַן פאָלק, אַז מיר זאָלן האָבן בכּוח מנדב צו זײַן אַזוי וואָס? נאָר פון דיר איז אַלץ, און פון דײַן האַנט האָבן מיר דיר געגעבן. [15] וואָרום פרעמדע זײַנען מיר פאַר דיר, און אײַנגעוואַנדערטע, אַזוי ווי אַלע אונדזערע עלטערן; אַזוי ווי אַ שאָטן זײַנען אונדזערע טעג אויף דער ערד, און אָן אַ באַשטאַנד. [16] יהוה אונדזער גאָט, דאָסדאָזיקע גאַנצע רײַכטום וואָס מיר האָבן אָנגעגרייט אויף דיר צו בויען אַ הויז פאַר דײַן הייליקן נאָמען, איז פון דײַן האַנט, און אַלץ איז דײַן. [17] און איך ווייס, מײַן גאָט, אַז דו פּרוווסט דאָס האַרץ, און באַגערסט רעכטפאַרטיקייט. איך האָב מיט רעכטפאַרטיקייט פון מײַן האַרצן מנדב געווען דאָס אַלץ; און אַצונד האָב איך געזען מיט שׂמחה ווי דײַן פאָלק וואָס געפינט זיך דאָ האָט מנדב געווען צו דיר. [18] יהוה דער גאָט פון אַברהם, יצחק, און ישׂראל, אונדזערע עלטערן, האַלט דאָס אָן אויף אייביק, די טראַכטונג פון די געדאַנקען פון דײַן פאָלקס האַרצן, און קער זייער האַרץ צו דיר. [19] און שלמהן מײַן זון גיב אַ גאַנץ האַרץ צו היטן דײַנע געבאָט, דײַנע אָנזאָגן, און דײַנע געזעצן, און צו טאָן דאָס אַלץ, און צו בויען דעם פּאַלאַץ וואָס איך האָב צוגעגרייט.

[20] און דוד האָט געזאָגט צו דער גאַנצער אײַנזאַמלונג: לויבט נון יהוה אײַער גאָט. און די גאַנצע אײַנזאַמלונג האָט געלויבט יהוה דעם גאָט פון זייערע עלטערן, און זיי האָבן זיך גענייגט און זיך געבוקט צו גאָט און צום מלך. [21] און זיי האָבן געשלאַכט שלאַכטאָפּפער צו גאָט, און אויפגעבראַכט בראַנדאָפּפער צו גאָט, אויף מאָרגן פון יענעם

טאָג, טויזנט אָקסן, טויזנט ווידערס, טויזנט שעפּסן, מיט
זייערע גיסאָפּפער, און שלאַכטאָפּפער לרוב פאַר גאַנץ
ישראל. 22 און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען פאַר גאָט
אין יענעם טאָג מיט גרויס שמחה, און זיי האָבן אַ צווייט
מאָל געמאַכט שלמה דעם זון פון דודן פאַר אַ מלך, און
געזאַלבט פאַר אַ פירשט פון גאָט, און צָדוקן פאַר אַ כּהן.
23 און שלמה האָט זיך געזעצט אויף דעם טראָן פון
גאָט פאַר אַ מלך אויף דעם אָרט פון זיין פאָטער דודן,
און ער האָט באַגליקט. און גאַנץ ישראל האָבן זיך צוגע־
הערט צו אים. 24 און אַלע האַרן, און די גיבורים, און
אויך אַלע זין פון דעם מלך דוד, האָבן זיך אונטערוואָרפן
אונטער שלמה המלך. 25 און גאָט האָט שלמהן הויך גע־
גרייסט פאַר די אויגן פון גאַנץ ישראל, און ער האָט געגעבן
אויף אים אַ קיניגלעכן גלאַנץ וואָס איז ניט געווען אויף
קיין מלך איבער ישראל פאַר אים.
26 און דוד דער זון פון ישַׁין האָט געקיניגט איבער
גאַנץ ישראל. 27 און די טעג וואָס ער האָט געקיניגט
איבער ישראל, זיינען געווען פערציק יאָר: אין חֶברוֹן
האָט ער געקיניגט זיבן יאָר, און אין ירושָלַיִם האָט ער גע־
קיניגט דריי און דרייסיק. 28 און ער איז געשטאָרבן אין
אַ גוטער עלטער, זאַט מיט טעג, עושר, און כּבוד; און זיין זון שלמה איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט. 29 און די
זאַכן וועגן דודן, די ערשטע אַזוי ווי לעצטע, זיי זיינען באַשריבן אין די ווערטער פון שמואל דעם זעער, און אין די
ווערטער פון נָתָן דעם נביא, און אין די ווערטער פון גָד דעם זעער, 30 מיט זיין גאַנצער מלוכה, און זיינע גבורות,
און די צייטן וואָס זיינען אַריבער איבער אים און איבער ישראל, און איבער אַלע קיניגרייכן פון די לענדער.

לַיהוָה לְמָחֳרַת הַיּוֹם הַהוּא פָּרִים אֶלֶף אֵילִים אֶלֶף
כְּבָשִׂים אֶלֶף וְנִסְכֵּיהֶם וּזְבָחִים לָרֹב לְכָל־יִשְׂרָאֵל׃
כב וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ לִפְנֵי יְהוָה בַּיּוֹם הַהוּא בְּשִׂמְחָה גְדוֹלָה
וַיַּמְלִיכוּ שֵׁנִית לִשְׁלֹמֹה בֶן־דָּוִיד וַיִּמְשְׁחוּ לַיהוָה לְנָגִיד
כג וּלְצָדוֹק לְכֹהֵן׃ וַיֵּשֶׁב שְׁלֹמֹה עַל־כִּסֵּא יְהוָה ׀ לְמֶלֶךְ
כד תַּחַת־דָּוִיד אָבִיו וַיַּצְלַח וַיִּשְׁמְעוּ אֵלָיו כָּל־יִשְׂרָאֵל׃ וְכָל־
הַשָּׂרִים וְהַגִּבֹּרִים וְגַם כָּל־בְּנֵי הַמֶּלֶךְ דָּוִיד נָתְנוּ יָד תַּחַת
כה שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ׃ וַיְגַדֵּל יְהוָה אֶת־שְׁלֹמֹה לְמַעְלָה לְעֵינֵי
כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיִּתֵּן עָלָיו הוֹד מַלְכוּת אֲשֶׁר לֹא־הָיָה עַל־
כו כָּל־מֶלֶךְ לְפָנָיו עַל־יִשְׂרָאֵל׃ וְדָוִיד בֶּן־יִשָׁי מָלַךְ
כז עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל׃ וְהַיָּמִים אֲשֶׁר מָלַךְ עַל־יִשְׂרָאֵל אַרְבָּעִים
שָׁנָה בְּחֶבְרוֹן מָלַךְ שֶׁבַע שָׁנִים וּבִירוּשָׁלַם מָלַךְ שְׁלֹשִׁים
כח וְשָׁלוֹשׁ׃ וַיָּמָת בְּשֵׂיבָה טוֹבָה שְׂבַע יָמִים עֹשֶׁר וְכָבוֹד
כט וַיִּמְלֹךְ שְׁלֹמֹה בְנוֹ תַּחְתָּיו׃ וְדִבְרֵי דָּוִיד הַמֶּלֶךְ הָרִאשֹׁנִים
וְהָאַחֲרֹנִים הִנָּם כְּתוּבִים עַל־דִּבְרֵי שְׁמוּאֵל הָרֹאֶה וְעַל־
ל דִּבְרֵי נָתָן הַנָּבִיא וְעַל־דִּבְרֵי גָּד הַחֹזֶה׃ עִם כָּל־מַלְכוּתוֹ
וּגְבוּרָתוֹ וְהָעִתִּים אֲשֶׁר עָבְרוּ עָלָיו וְעַל־יִשְׂרָאֵל וְעַל כָּל־
מַמְלְכוֹת הָאֲרָצוֹת׃

כג׳ פתח באתנח    כו׳ קמץ בז״ק

# דִּבְרֵי הַיָּמִים ב

וַיִּתְחַזֵּק שְׁלֹמֹה בֶן־דָּוִיד עַל־מַלְכוּתוֹ וַיהוָה אֱלֹהָיו א
עִמּוֹ וַיְגַדְּלֵהוּ לְמָעְלָה׃ וַיֹּאמֶר שְׁלֹמֹה לְכָל־יִשְׂרָאֵל לְשָׂרֵי ב
הָאֲלָפִים וְהַמֵּאוֹת וְלַשֹּׁפְטִים וּלְכֹל נָשִׂיא לְכָל־יִשְׂרָאֵל
רָאשֵׁי הָאָבוֹת׃ וַיֵּלְכוּ שְׁלֹמֹה וְכָל־הַקָּהָל עִמּוֹ לַבָּמָה ג
אֲשֶׁר בְּגִבְעוֹן כִּי־שָׁם הָיָה אֹהֶל מוֹעֵד הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר
עָשָׂה מֹשֶׁה עֶבֶד־יְהוָה בַּמִּדְבָּר׃ אֲבָל אֲרוֹן הָאֱלֹהִים ד
הֶעֱלָה דָוִיד מִקִּרְיַת יְעָרִים בַּהֵכִין לוֹ דָּוִיד כִּי נָטָה־לוֹ
אֹהֶל בִּירוּשָׁלָםִ׃ וּמִזְבַּח הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר עָשָׂה בְּצַלְאֵל ה
בֶּן־אוּרִי בֶן־חוּר שָׂם לִפְנֵי מִשְׁכַּן יְהוָה וַיִּדְרְשֵׁהוּ שְׁלֹמֹה
וְהַקָּהָל׃ וַיַּעַל שְׁלֹמֹה שָׁם עַל־מִזְבַּח הַנְּחֹשֶׁת לִפְנֵי יְהוָה ו
אֲשֶׁר לְאֹהֶל מוֹעֵד וַיַּעַל עָלָיו עֹלוֹת אָלֶף׃ בַּלַּיְלָה ז
הַהוּא נִרְאָה אֱלֹהִים לִשְׁלֹמֹה וַיֹּאמֶר לוֹ שְׁאַל מָה אֶתֶּן־
לָךְ׃ וַיֹּאמֶר שְׁלֹמֹה לֵאלֹהִים אַתָּה עָשִׂיתָ עִם־דָּוִיד אָבִי ח
חֶסֶד גָּדוֹל וְהִמְלַכְתַּנִי תַּחְתָּיו׃ עַתָּה יְהוָה אֱלֹהִים יֵאָמֵן ט
דְּבָרְךָ עִם דָּוִיד אָבִי כִּי אַתָּה הִמְלַכְתַּנִי עַל־עַם רַב
כַּעֲפַר הָאָרֶץ׃ עַתָּה חָכְמָה וּמַדָּע תֶּן־לִי וְאֵצְאָה לִפְנֵי י
הָעָם־הַזֶּה וְאָבוֹאָה כִּי־מִי יִשְׁפֹּט אֶת־עַמְּךָ הַזֶּה הַגָּדוֹל׃
וַיֹּאמֶר־אֱלֹהִים ׀ לִשְׁלֹמֹה יַעַן אֲשֶׁר הָיְתָה זֹאת עִם־ יא
לְבָבֶךָ וְלֹא־שָׁאַלְתָּ עֹשֶׁר נְכָסִים וְכָבוֹד וְאֵת נֶפֶשׁ שֹׂנְאֶיךָ
וְגַם־יָמִים רַבִּים לֹא שָׁאָלְתָּ וַתִּשְׁאַל־לְךָ חָכְמָה וּמַדָּע

ט׳ קמץ בז״ק

א ¹ און שלמה דער זון פון דודן האָט זיך באַפעסטיקט אין זיין מלוכה, און יהוה זיין גאָט איז געווען מיט אים, און האָט אים הויך געגרייסט. ² און שלמה האָט גערעדט צו גאַנץ ישׂראל, צו די הויפּטלייט פון די טויזנטן און די הונדערטן, און צו די ריכטער, און צו איטלעכן פירשט אין גאַנץ ישׂראל, די הויפּטן פון די פאָטערהייזער. ³ און שלמה און די גאַנצע אײַנזאַמלונג מיט אים זיינען געגאַנגען צו דער בָּמָה וואָס אין גִבעון, וואָרום דאָרטן איז געווען דער אוהל־מועד פון גאָט, וואָס משה דער קנעכט פון גאָט האָט געמאַכט אין מדבר. ⁴ נאָר דעם אָרון פון גאָט האָט דוד אַרויפגעבראַכט פון קִריַת־יְעָרים אַהין וווּ דוד האָט צוגעגרייט פאַר אים, וואָרום ער האָט אויפגעשטעלט פאַר אים אַ געצעלט אין ירושָׁלַיִם. ⁵ אָבער דער קופּערנער מזבח וואָס בצַלאֵל דער זון פון אורי דעם זון פון חורן האָט געמאַכט, האָט מען אַוועקגעשטעלט פאַר דעם מִשכן פון גאָט; און שלמה און די אײַנזאַמלונג האָבן זיך צו אים געווענדט. ⁶ און שלמה האָט אויפגעבראַכט דאָרטן אויפן קופּערנעם מזבח פאַר גאָט וואָס ביים אוהל־מועד; און ער האָט אויפגעבראַכט אויף אים טויזנט בראַנדאָפּפער.

⁷ אין יענער נאַכט האָט זיך גאָט באַוויזן צו שלמהן, און ער האָט צו אים געזאָגט: בעט וואָס איך זאָל דיר געבן. ⁸ האָט שלמה געזאָגט צו גאָט: דו האָסט געטאָן גרויס חסד מיט מיין פאָטער דודן, און האָסט מיך געמאַכט פאַר אַ מלך אויף זיין אָרט. ⁹ אַצונד, גאָט דו האַר, זאָל באַוואָרט ווערן דיין צוזאָג צו מיין פאָטער דודן, וואָרום דו האָסט מיך געמאַכט פאַר אַ מלך איבער אַ פאָלק אַזוי פיל ווי דער שטויב פון דער ערד. ¹⁰ אַצונד גיב מיר חכמה און קענשאַפט, אַז איך זאָל אַרויסגיין און אַריינגיין פאַרויס פאַר דעמדאָזיקן פאָלק, וואָרום ווער קען משפּטן דאָסדאָזיקע גרויסע פאָלק דיינס?

¹¹ האָט גאָט געזאָגט צו שלמהן: ווייל דאָס איז אין דיין האַרצן, און ניט דו האָסט געבעטן עשירות, גיטער, און כבוד, אָדער דאָס לעבן פון דיינע פיינט, און ניט צומאָל פיל טעג האָסטו געבעטן, נייערט דו האָסט דיר געבעטן חכמה

און קענשאַפט, כּדי זאָלסט קענען משפּטן מיין פאָלק וואָס
איך האָב דיך געמאַכט פאַר אַ מלך איבער אים— 12 ווערט
דיר אי געגעבן חכמה און קענשאַפט, אי איך וועל דיר
געבן עשירות און גיטער און כּבוד, וואָס אַזוי־וואָס איז ניט
געווען בײַ די מלכים וואָס פאַר דיר, און אַזוי־וואָס וועט
ניט זיין נאָך דיר.

13 און שלמה איז צוריקגעקומען [פון גיין] צו דער
בָּמָה וואָס אין גִבְעוֹן, פון פאַר דעם אוהל־מועד, קיין
ירושָׁלַיִם; און ער האָט געקיניגט איבער ישׂראל.

14 און שלמה האָט אָנגעזאַמלט רייטוועגן און רייטער,
און ער האָט געהאַט טויזנט און פיר הונדערט רייטוועגן
און צוועלף טויזנט רייטער. און ער האָט זיי אַוועקגע־
שטעלט אין די שטעט פאַר רייטוועגן, און בײַם מלך אין
ירושָׁלַיִם.

15 און דער מלך האָט געמאַכט זילבער און גאָלד
אין ירושָׁלַיִם אַזוי ווי שטיינער, און צעדערן האָט ער גע־
מאַכט אַזוי ווי די ווילדע פייגנביימער וואָס אין דער
נידערונג, אין פילקייט.

16 און דער אַרויסקום פון די פערד וואָס שלמה
האָט געהאַט, איז געווען פון מִצרַיִם און פון קְוֵא; די
סוחרים פון דעם מלך פלעגן זיי קריגן פון קְוֵא פאַר גע־
צאָלט. 17 און זיי האָבן אַרויפגעבראַכט און אַרויסגעפירט
פון מִצרַיִם אַ רייטוואָגן פאַר זעקס הונדערט זילבערשטיק,
און אַ פערד פאַר הונדערט און פופציק; און דעסגלייכן
פאַר אַלע מלכים פון די חִתּים, און די מלכים פון אֲרָם,
פלעגט מען אַרויסברענגען דורך זייער האַנט.

יב אֲשֶׁר תִּשְׁפּוֹט אֶת־עַמִּי אֲשֶׁר הִמְלַכְתִּיךָ עָלָיו׃ הַחָכְמָה
וְהַמַּדָּע נָתוּן לָךְ וְעֹשֶׁר וּנְכָסִים וְכָבוֹד אֶתֶּן־לָךְ אֲשֶׁר ׀
לֹא־הָיָה כֵן לַמְּלָכִים אֲשֶׁר לְפָנֶיךָ וְאַחֲרֶיךָ לֹא יִהְיֶה־כֵּן׃
יג וַיָּבֹא שְׁלֹמֹה לַבָּמָה אֲשֶׁר־בְּגִבְעוֹן יְרוּשָׁלִַם מִלִּפְנֵי אֹהֶל
יד מוֹעֵד וַיִּמְלֹךְ עַל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיֶּאֱסֹף שְׁלֹמֹה רֶכֶב
וּפָרָשִׁים וַיְהִי־לוֹ אֶלֶף וְאַרְבַּע־מֵאוֹת רֶכֶב וּשְׁנֵים־עָשָׂר
אֶלֶף פָּרָשִׁים וַיַּנִּיחֵם בְּעָרֵי הָרֶכֶב וְעִם־הַמֶּלֶךְ בִּירוּשָׁלִָם׃
טו וַיִּתֵּן הַמֶּלֶךְ אֶת־הַכֶּסֶף וְאֶת־הַזָּהָב בִּירוּשָׁלִַם כָּאֲבָנִים
טז וְאֵת הָאֲרָזִים נָתַן כַּשִּׁקְמִים אֲשֶׁר־בַּשְּׁפֵלָה לָרֹב׃ וּמוֹצָא
הַסּוּסִים אֲשֶׁר לִשְׁלֹמֹה מִמִּצְרָיִם וּמִקְוֵא סֹחֲרֵי הַמֶּלֶךְ
יז מִקְוֵא יִקְחוּ בִּמְחִיר׃ וַיַּעֲלוּ וַיּוֹצִיאוּ מִמִּצְרַיִם מֶרְכָּבָה
בְּשֵׁשׁ מֵאוֹת כֶּסֶף וְסוּס בַּחֲמִשִּׁים וּמֵאָה וְכֵן לְכָל־מַלְכֵי
יח הַחִתִּים וּמַלְכֵי אֲרָם בְּיָדָם יוֹצִיאוּ׃ וַיֹּאמֶר שְׁלֹמֹה לִבְנוֹת
בַּיִת לְשֵׁם יְהוָה וּבַיִת לְמַלְכוּתוֹ׃

ב

א וַיִּסְפֹּר שְׁלֹמֹה שִׁבְעִים אֶלֶף אִישׁ סַבָּל וּשְׁמוֹנִים אֶלֶף
אִישׁ חֹצֵב בָּהָר וּמְנַצְּחִים עֲלֵיהֶם שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים וְשֵׁשׁ
ב מֵאוֹת׃ וַיִּשְׁלַח שְׁלֹמֹה אֶל־חוּרָם מֶלֶךְ־צֹר לֵאמֹר
כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתָ עִם־דָּוִיד אָבִי וַתִּשְׁלַח־לוֹ אֲרָזִים לִבְנוֹת־לוֹ
ג בַיִת לָשֶׁבֶת בּוֹ׃ הִנֵּה אֲנִי בוֹנֶה־בַּיִת לְשֵׁם ׀ יְהוָה אֱלֹהָי
לְהַקְדִּישׁ לוֹ לְהַקְטִיר לְפָנָיו קְטֹרֶת־סַמִּים וּמַעֲרֶכֶת תָּמִיד
וְעֹלוֹת לַבֹּקֶר וְלָעֶרֶב לַשַּׁבָּתוֹת וְלֶחֳדָשִׁים וּלְמוֹעֲדֵי יְהוָה
ד אֱלֹהֵינוּ לְעוֹלָם זֹאת עַל־יִשְׂרָאֵל׃ וְהַבַּיִת אֲשֶׁר־אֲנִי בוֹנֶה
ה גָּדוֹל כִּי־גָדוֹל אֱלֹהֵינוּ מִכָּל־הָאֱלֹהִים׃ וּמִי יַעֲצָר־כֹּחַ
לִבְנוֹת־לוֹ בַיִת כִּי הַשָּׁמַיִם וּשְׁמֵי הַשָּׁמַיִם לֹא יְכַלְכְּלֻהוּ
וּמִי אֲנִי אֲשֶׁר אֶבְנֶה־לּוֹ בַיִת כִּי אִם־לְהַקְטִיר לְפָנָיו׃
ו וְעַתָּה שְׁלַח־לִי אִישׁ־חָכָם לַעֲשׂוֹת בַּזָּהָב וּבַכֶּסֶף וּבַנְּחֹשֶׁת

א, טז׳ א׳ במקום ה׳ א׳ במקום ה׳ ב, ג׳ קמץ מרביע

18 און שלמה האָט געהייסן בויען אַ הויז צו דעם נאָמען פון גאָט, און אַ הויז פאַר זיין מלוכה.

ב 1 און שלמה האָט געציילט זיבעציק טויזנט מאַן לאַסטטרעגער, און אַכציק טויזנט מאַן שטיינהעקער אין די בערג,
און אויפזעער איבער זיי, דריי טויזנט און זעקס הונדערט.

2 און שלמה האָט געשיקט צו חוּרָם דעם מלך פון צוֹר, אַזוי צו זאָגן: אַזוי ווי דו האָסט געטאָן מיט מיין פאָטער
דודן, וואָס דו האָסט אים געשיקט צעדערן צו בויען פאַר זיך אַ הויז אויף צו וווינען דערין, 3 איז, אָט בוי איך אַ
הויז צו דעם נאָמען פון יהוה מיין גאָט, כּדי עס צו הייליקן צו אים, און צו רייכערן פאַר אים ווײַרויך פון שמע־
קעדיקע געווירצן, און פאַר דער שטענדיקער אויסלייגונג [פון דעם הייליקן ברויט], און פאַר די בראַנדאָפּפער אין
דער פרי און אין אָוונט, אין די שבתים, און אום ראָש־חודש, און אין די יָום־טובים פון יהוה אונדזער גאָט, וואָס
דאָס איז אייביק אַ חוב אויף ישׂראל. 4 און דאָס הויז וואָס איך בוי, דאַרף זיין גרויס, וואָרום גרויס איז אונדזער
גאָט איבער אַלע געטער. 5 און ווער האָט בכּוח אים צו בויען אַ הויז, אַז די הימלען און די הימלען פון די הימלען
קענען אים ניט אַריינעמען? און ווער בין איך, אַז איך זאָל אים בויען אַ הויז, סיידן אויף צו רייכערן פאַר אים?
6 און אַצונד, שיק מיר אַ קלוגן מאַן צו אַרבעטן אין גאָלד, און אין זילבער, און אין קופּער, און אין אײַזן, און אין

וּבַבַּרְזֶל וּבָאַרְגְּוָן וְכַרְמִיל וּתְכֵלֶת וְיֹדֵעַ לְפַתֵּחַ פִּתּוּחִים
עִם־הַחֲכָמִים אֲשֶׁר עִמִּי בִּיהוּדָה וּבִירוּשָׁלַ͏ִם אֲשֶׁר הֵכִין
דָּוִיד אָבִי׃ וּשְׁלַח־לִי עֲצֵי אֲרָזִים בְּרוֹשִׁים וְאַלְגּוּמִּים ז
מֵהַלְּבָנוֹן כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי אֲשֶׁר עֲבָדֶיךָ יוֹדְעִים לִכְרוֹת עֲצֵי
לְבָנוֹן וְהִנֵּה עֲבָדַי עִם־עֲבָדֶיךָ׃ וּלְהָכִין לִי עֵצִים לָרֹב ח
כִּי הַבַּיִת אֲשֶׁר־אֲנִי בוֹנֶה גָּדוֹל וְהַפְלֵא׃ וְהִנֵּה לַחֹטְבִים ט
לְכֹרְתֵי הָעֵצִים נָתַתִּי חִטִּים ׀ מַכּוֹת לַעֲבָדֶיךָ כֹּרִים
עֶשְׂרִים אֶלֶף וּשְׂעֹרִים כֹּרִים עֶשְׂרִים אָלֶף וְיַיִן בַּתִּים
עֶשְׂרִים אֶלֶף וְשֶׁמֶן בַּתִּים עֶשְׂרִים אָלֶף׃ וַיֹּאמֶר י
חוּרָם מֶלֶךְ־צֹר בִּכְתָב וַיִּשְׁלַח אֶל־שְׁלֹמֹה בְּאַהֲבַת יְהוָה
אֶת־עַמּוֹ נְתָנְךָ עֲלֵיהֶם מֶלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר חוּרָם בָּרוּךְ יְהוָה יא
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר עָשָׂה אֶת־הַשָּׁמַיִם וְאֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר
נָתַן לְדָוִיד הַמֶּלֶךְ בֵּן חָכָם יוֹדֵעַ שֶׂכֶל וּבִינָה אֲשֶׁר יִבְנֶה־
בַיִת לַיהוָה וּבַיִת לְמַלְכוּתוֹ׃ וְעַתָּה שָׁלַחְתִּי אִישׁ־חָכָם יב
יוֹדֵעַ בִּינָה לְחוּרָם אָבִי׃ בֶּן־אִשָּׁה מִן־בְּנוֹת דָּן וְאָבִיו יג
אִישׁ־צֹרִי יוֹדֵעַ לַעֲשׂוֹת בַּזָּהָב־וּבַכֶּסֶף בַּנְּחֹשֶׁת בַּבַּרְזֶל
בָּאֲבָנִים וּבָעֵצִים בָּאַרְגָּמָן בַּתְּכֵלֶת וּבַבּוּץ וּבַכַּרְמִיל
וּלְפַתֵּחַ כָּל־פִּתּוּחַ וְלַחְשֹׁב כָּל־מַחֲשָׁבֶת אֲשֶׁר יִנָּתֶן־לוֹ
עִם־חֲכָמֶיךָ וְחַכְמֵי אֲדֹנִי דָּוִיד אָבִיךָ׃ וְעַתָּה הַחִטִּים יד
וְהַשְּׂעֹרִים הַשֶּׁמֶן וְהַיַּיִן אֲשֶׁר אָמַר אֲדֹנִי יִשְׁלַח לַעֲבָדָיו׃
וַאֲנַחְנוּ נִכְרֹת עֵצִים מִן־הַלְּבָנוֹן כְּכָל־צָרְכֶּךָ וּנְבִיאֵם לְךָ טו
רַפְסֹדוֹת עַל־יָם יָפוֹ וְאַתָּה תַּעֲלֶה אֹתָם יְרוּשָׁלָ͏ִם׃
וַיִּסְפֹּר שְׁלֹמֹה כָּל־הָאֲנָשִׁים הַגֵּירִים אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל טז
אַחֲרֵי הַסְּפָר אֲשֶׁר סְפָרָם דָּוִיד אָבִיו וַיִּמָּצְאוּ מֵאָה וַחֲמִשִּׁים
אֶלֶף וּשְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים וְשֵׁשׁ מֵאוֹת׃ וַיַּעַשׂ מֵהֶם שִׁבְעִים יז
אֶלֶף סַבָּל וּשְׁמֹנִים אֶלֶף חֹצֵב בָּהָר וּשְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים
וְשֵׁשׁ מֵאוֹת מְנַצְּחִים לְהַעֲבִיד אֶת־הָעָם׃

ז׳ דגש אחר שורק

פורפל און קאַרמין און בלאָער וואָל, און אַזאַ וואָס פאַרשטייט צו קריצן קריצונגען — אין אײנעם מיט די קלוגע לײט וואָס בײַ מיר אין יהודה און אין ירושָלַיִם, וואָס מײַן פאָטער דוד האָט אָנגעגרײט. 7 און שיק מיר צעדערהאָלץ, ציפּרעסן, און סאַנדאַלהאָלץ, פון לבָנון, וואָרום איך ווײס אַז דײַנע קנעכט פאַרשטײען צו האַקן געהילץ פון לבָנון; און אָט וועלן מײַנע קנעכט זײַן מיט דײַנע קנעכט, 8 אָנצוברײטן פאַר מיר אַ סך האָלץ, וואָרום דאָס הויז וואָס איך בוי, דאַרף זײַן גרויס און וווּנדערלעך. 9 און אָט גיב איך די העקער, די וואָס שנײַדן דאָס געהילץ, געשטויסענע ווײץ פאַר דײַנע קנעכט, צוואַנציק טויזנט כּור, און גערשטן צוואַנציק טויזנט כּור, און ווײַן צוואַנציק טויזנט בַּת, און אײל צוואַנציק טויזנט בַּת.

10 און חוּרָם דער מלך פון צוֹר האָט געענטפערט אין אַ געשריפטס, און געשיקט צו שלמהן: ווײַל יהוה האָט ליב זײַן פאָלק, האָט ער דיך געמאַכט פאַר אַ מלך איבער זײ. 11 און חורָם האָט געזאָגט: געלויבט איז יהוה דער גאָט פון ישׂראל וואָס האָט געמאַכט דעם הימל און די ערד, פאַרוואָס ער האָט געגעבן דעם מלך דוד אַ קלוגן זון, געניט אין שׂכל און פאַרשטאַנדיקײט, וואָס וועט בויען אַ הויז פאַר יהוה, און אַ הויז פאַר זײַן מלוכה. 12 און אַצונד, שיק איך דיר אַ קלוגן מאַן, געניט אין פאַרשטאַנדיקײט, מײַן הויפּטמײַנסטער חורָם, 13 דעם זון פון אַ פרוי פון די טעכטער פון דָן, וואָס זײַן פאָטער איז אַ מאַן פון צוֹר; ער פאַרשטײט צו אַרבעטן אין גאָלד, און אין זילבער, אין קופּער, אין אײַזן, אין שטײנער, און אין האָלץ, אין פורפל, אין בלאָער וואָל, און אין פײַנלײַנען, און אין קאַרמין, און צו קריצן יעטוועדער קריצונג, און אויסקינצלען יעטוועדער קונציקע אַרבעט וואָס וועט אים געגעבן ווערן — אין אײנעם מיט דײַנע קלוגע לײט, און מיט די קלוגע לײט פון מײַן האַר, דײַן פאָטער דודן. 14 און אַצונד, די ווײץ און די גערשטן, און דאָס אײל, און דעם ווײַן, וואָס מײַן האַר האָט געזאָגט, זאָל ער שיקן צו זײַנע קנעכט; 15 און מיר וועלן האַקן געהילץ פון לבָנון לויט אַל דײַן באַדאַרף, און וועלן עס ברענגען צו דיר אויף טראַפּטן מיטן ים קײן יָפוֹ, און דו וועסט עס אַרויפברענגען קײן ירושָלַיִם.

16 און שלמה האָט איבערגעצײלט אַלע פרעמדע מענטשן וואָס אין לאַנד ישׂראל, נאָך דער צײלונג וואָס זײַן פאָטער דוד האָט זײ געצײלט. און עס האָבן זיך געפונען הונדערט און דרײַ און פופציק טויזנט און זעקס הונדערט. 17 און ער האָט געמאַכט פון זײ זיבעציק טויזנט לאַסטטרעגער און אַכציק טויזנט שטײנהעקער אין די בערג; און דרײַ טויזנט און זעקס הונדערט אויפפאַסערס צו מאַכן אַרבעטן דאָס פאָלק.

## ג

א וַיָּחֶל שְׁלֹמֹה לִבְנוֹת אֶת־בֵּית־יְהוָה בִּירוּשָׁלַםִ בְּהַר
הַמּוֹרִיָּה אֲשֶׁר נִרְאָה לְדָוִיד אָבִיהוּ אֲשֶׁר הֵכִין בִּמְקוֹם
ב דָּוִיד בְּגֹרֶן אָרְנָן הַיְבוּסִי׃ וַיָּחֶל לִבְנוֹת בַּחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי
ג בַּשֵּׁנִי בִּשְׁנַת אַרְבַּע לְמַלְכוּתוֹ׃ וְאֵלֶּה הוּסַד שְׁלֹמֹה
לִבְנוֹת אֶת־בֵּית הָאֱלֹהִים הָאֹרֶךְ אַמּוֹת בַּמִּדָּה הָרִאשׁוֹנָה
ד אַמּוֹת שִׁשִּׁים וְרֹחַב אַמּוֹת עֶשְׂרִים׃ וְהָאוּלָם אֲשֶׁר עַל־
פְּנֵי הָאֹרֶךְ עַל־פְּנֵי רֹחַב הַבַּיִת אַמּוֹת עֶשְׂרִים וְהַגֹּבַהּ
ה מֵאָה וְעֶשְׂרִים וַיְצַפֵּהוּ מִפְּנִימָה זָהָב טָהוֹר׃ וְאֵת ׀ הַבַּיִת
הַגָּדוֹל חִפָּה עֵץ בְּרוֹשִׁים וַיְחַפֵּהוּ זָהָב טוֹב וַיַּעַל עָלָיו
ו תִּמֹרִים וְשַׁרְשְׁרֹת׃ וַיְצַף אֶת־הַבַּיִת אֶבֶן יְקָרָה לְתִפְאָרֶת
ז וְהַזָּהָב זְהַב פַּרְוָיִם׃ וַיְחַף אֶת־הַבַּיִת הַקֹּרוֹת הַסִּפִּים
וְקִירוֹתָיו וְדַלְתוֹתָיו זָהָב וּפִתַּח כְּרוּבִים עַל־הַקִּירוֹת׃
ח וַיַּעַשׂ אֶת־בֵּית־קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים אָרְכּוֹ עַל־פְּנֵי רֹחַב הַבַּיִת
אַמּוֹת עֶשְׂרִים וְרָחְבּוֹ אַמּוֹת עֶשְׂרִים וַיְחַפֵּהוּ זָהָב טוֹב
ט לְכִכָּרִים שֵׁשׁ מֵאוֹת׃ וּמִשְׁקָל לְמִסְמְרוֹת לִשְׁקָלִים
י חֲמִשִּׁים זָהָב וְהָעֲלִיּוֹת חִפָּה זָהָב׃ וַיַּעַשׂ בְּבֵית־
קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים כְּרוּבִים שְׁנַיִם מַעֲשֵׂה צַעֲצֻעִים וַיְצַפּוּ
יא אֹתָם זָהָב׃ וְכַנְפֵי הַכְּרוּבִים אָרְכָּם אַמּוֹת עֶשְׂרִים כְּנַף
הָאֶחָד לְאַמּוֹת חָמֵשׁ מַגַּעַת לְקִיר הַבַּיִת וְהַכָּנָף הָאַחֶרֶת
יב אַמּוֹת חָמֵשׁ מַגִּיעַ לִכְנַף הַכְּרוּב הָאַחֵר׃ וּכְנַף הַכְּרוּב
הָאֶחָד אַמּוֹת חָמֵשׁ מַגִּיעַ לְקִיר הַבָּיִת וְהַכָּנָף הָאַחֶרֶת
יג אַמּוֹת חָמֵשׁ דְּבֵקָה לִכְנַף הַכְּרוּב הָאַחֵר׃ כַּנְפֵי הַכְּרוּבִים
הָאֵלֶּה פֹּרְשִׂים אַמּוֹת עֶשְׂרִים וְהֵם עֹמְדִים עַל־רַגְלֵיהֶם
יד וּפְנֵיהֶם לַבָּיִת׃ וַיַּעַשׂ אֶת־הַפָּרֹכֶת תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן
טו וְכַרְמִיל וּבוּץ וַיַּעַל עָלָיו כְּרוּבִים׃ וַיַּעַשׂ לִפְנֵי
הַבַּיִת עַמּוּדִים שְׁנַיִם אַמּוֹת שְׁלֹשִׁים וְחָמֵשׁ אֹרֶךְ וְהַצֶּפֶת
טז אֲשֶׁר־עַל־רֹאשׁוֹ אַמּוֹת חָמֵשׁ׃ וַיַּעַשׂ שַׁרְשְׁרוֹת

ה׳ נ״א עצי ב׳

ג 1 און שלמה האָט אָנגעהויבן בויען דאָס הויז פון
גאָט אין ירושלַיִם אויפן באַרג מוֹרִיָה וואָס איז אויס־
געקליבן געוואָרן פון זיין פאָטער דודן, אין דעם אָרט
פון דודן ווי ער האָט צוגעגרייט, אין דעם שייער פון אָרְנָן
דעם יבוסי. 2 און ער האָט אָנגעהויבן בויען אין צווייטן
חודש, אין צווייטן טאָג, אין פירטן יאָר פון זיין מלוכה.
3 און דאָס זיינען די גרונטפעסטן וואָס זיינען געלייגט
געוואָרן פון שלמהן ביים בויען דאָס הויז פון גאָט: די לענג
אין איילן לויט דער פריערדיקער מאָס זעכציק איילן,
און די ברייט צוואַנציק איילן. 4 און דער פּאָליש וואָס
פאָרנט – די לענג, פאַר ברייט פון דעם הויז, איז געווען
צוואַנציק איילן, און די הייך הונדערט און צוואַנציק; און
ער האָט עס איבערגעצויגן פון אינעווייניק מיט ריינעם
גאָלד. 5 און דאָס גרויסע הויז האָט ער באַדעקט מיט
ציפּרעסהאָלץ, און האָט עס באַלייגט מיט גוטן גאָלד, און
אויסגעאַרבעט דערויף טײַטלביימער און קייטלעך. 6 און
ער האָט באַזעצט דאָס הויז מיט טײַערע שטיינער פון
שיינקייט װעגן, און דאָס גאָלד איז געווען גאָלד פון פַּרְוָיִם.
7 און ער האָט באַדעקט דאָס הויז, די באַלקנס, די שוועלן,
און זיינע ווענט, און זיינע טירן, מיט גאָלד, און אויסגע־
קריצט כּרובים אויף די ווענט.

8 און ער האָט געמאַכט דאָס הויז פון דעם קָדשי־
קָדשים: זיין לענג, פאַר ברייט פון דעם הויז, צוואַנציק
איילן; און זיין ברייט צוואַנציק איילן; און ער האָט עס
באַדעקט מיט גוטן גאָלד, זעקס הונדערט צענטנער. 9 און
די וואָג פון די נעגל איז געווען פופציק שֶקל גאָלד. און די אויבערקאַמערן האָט ער באַדעקט מיט גאָלד.

10 און ער האָט געמאַכט אין דעם הויז פון קָדשי־קָדשים צוויי כּרובים פון בילדערווערק, און מע האָט זיי
איבערגעצויגן מיט גאָלד. 11 און די פליגלען פון די כּרובים, זייער לענג איז געווען צוואַנציק איילן: אַ פליגל פון
איינעם, פון פינף איילן, גרייכנדיק ביז דער וואַנט פון הויז, און דער אַנדער פליגל פון פינף איילן גרייכנדיק ביזן
פליגל פון דעם אַנדער כּרוב. 12 און אַ פליגל פון דעם אַנדער כּרוב, פון פינף איילן, האָט אָנגערירט די וואַנט
פון הויז, און דער אַנדער פליגל פון פינף איילן איז געווען באַהעפט צו דעם פליגל פון דעם אַנדער כּרוב. 13 די
פליגלען פון דידאָזיקע כּרובים פאַנאַנדערגעשפּרייטערהייט זיינען געווען צוואַנציק איילן; און זיי זיינען געשטאַנען
אויף זייערע פיס, מיט זייערע פנימער אינעווייניק צו.

14 און ער האָט געמאַכט דעם פָּרוֹכֶת פון בלאָער וואָל, און פורפל, און קאַרמין, און פיינלײַנען; און ער האָט
אויסגעאַרבעט דערויף כּרובים.

15 און ער האָט געמאַכט פאַרן הויז צוויי זיילן, פינף און דרייסיק איילן די הייך; און די קרוין וואָס אויף
זייערע קעפּ, פינף איילן.

בדביר ויתן על־ראש העמדים ויעש רמונים מאה ויתן
בשרשרות: ויקם את־העמודים על־פני ההיכל אחד יז
מימין ואחד מהשמאול ויקרא שם־הימיני יכין ושם
השמאלי בעז:

ד

ויעש מזבח נחשת עשרים אמה ארכו ועשרים אמה א
רחבו ועשר אמות קומתו: ויעש את־הים מוצק ב
עשר באמה משפתו אל־שפתו עגול | סביב וחמש
באמה קומתו וקו שלשים באמה יסב אתו סביב:
ודמות בקרים תחת לו סביב | סביב סובבים אתו עשר ג
באמה מקיפים את־הים סביב שנים טורים הבקר
יצוקים במצקתו: עומד על־שנים עשר בקר שלשה ד
פנים | צפונה ושלושה פנים | ימה ושלשה | פנים נגבה
ושלשה פנים מזרחה והים עליהם מלמעלה וכל־
אחריהם ביתה: ועביו טפח ושפתו כמעשה שפת־כוס ה
פרח שושנה מחזיק בתים שלשת אלפים יכיל:
ויעש כיורים עשרה ויתן חמשה מימין וחמשה משמאול ו
לרחצה בהם את־מעשה העולה ידיחו בם והים
לרחצה לכהנים בו: ויעש את־מנרות הזהב עשר ז
כמשפטם ויתן בהיכל חמש מימין וחמש משמאול:
ויעש שלחנות עשרה וינח בהיכל חמשה מימין ח
וחמשה משמאול ויעש מזרקי זהב מאה: ויעש ט
חצר הכהנים והעזרה הגדולה ודלתות לעזרה ודלתותיהם
צפה נחשת: ואת־הים נתן מכתף הימנית קדמה ממול י
נגבה: ויעש חורם את־הסירות ואת־היעים ואת־ יא
המזרקות ויכל חורם לעשות את־המלאכה אשר עשה
למלך שלמה בבית האלהים: עמודים שנים והגלות יב

ג, יז׳ יחדי׳ ד, ט׳ בס״א ודלתות לעזרה יא׳ חורם קרי

16 און ער האָט געמאַכט קייטן אין דביר[א], און אַרויפֿגעטאָן אויף די קעפּ פֿון די זיילן; און ער האָט געמאַכט הונדערט מילגרוימען און אַריינגעטאָן אין די קייטן.

17 און ער האָט אויפֿגעשטעלט די זײַלן פֿאַר דעם היכל, איינעם פֿון דער רעכטער זייט, און איינעם פֿון דער לינקער זייט; און ער האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון דעם רעכטן יָכִין, און דעם נאָמען פֿון דעם לינקן בוֹעַז.

ד

1 און ער האָט געמאַכט אַ קופּערנעם מזבח; צוואַנציק איילן זײַן לענג, און צוואַנציק איילן זײַן ברייט, און צען איילן זײַן הייך.

2 און ער האָט געמאַכט דעם ים אַ געגאָסענעם, צען איילן פֿון ראַנד צו ראַנד, קײַלעכדיק רונד אַרום, און פֿינף איילן די הייך; און אַ שנור פֿון דרײַסיק איילן האָט אים אַרומגערינגלט רונד אַרום. 3 און אונטער אים איז געווען די געשטאַלט פֿון רינדער וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט רונד אַרום, צען איילן, אַרומצירקלענדיק דעם ים רונד אַרום. אין צוויי ציילן זײַנען געווען די רינדער, אויסגעגאָסן אין איין גוס מיט אים. 4 ער איז געשטאַנען אויף צוועלף רינדער, דרײַ געקערט צו צפֿון, און דרײַ געקערט צו מערב, און דרײַ געקערט צו דָרום, און דרײַ געקערט צו מזרח; און דער ים איז געווען איבער זיי פֿון אויבן; און אַלע זייערע הינטערלײַבער זײַנען געווען אינעווייניק צו. 5 און זײַן גרעב איז געווען אַ האַנטברייט; און זײַן ראַנד איז געווען אַזוי ווי די אַרבעט פֿון דעם ראַנד פֿון אַ בעכער, ווי אַ בלום פֿון אַ ליליע; דרײַ טויזנט בַּת האָט ער געהאַלטן.

6 און ער האָט געמאַכט צען האַנטפֿאַסן, און אַוועקגעשטעלט פֿינף פֿון דער רעכטער זייט, און פֿינף פֿון דער לינקער זייט, אויף צו וואַשן דרינען; די זאַכן פֿון בראַנדאָפּפֿער פֿלעגט מען אָפּשווענקען אין זיי; אָבער דער ים איז געווען פֿאַר די כֹּהנים זיך צו וואַשן דרינען.

7 און ער האָט געמאַכט צען גילדערנע מנורות לויט זייער דין, און אַריינגעשטעלט אין היכל, פֿינף פֿון דער רעכטער זייט, און פֿינף פֿון דער לינקער זייט.

8 און ער האָט געמאַכט צען טישן, און אַוועקגעשטעלט אין היכל, פֿינף פֿון דער רעכטער זייט, און פֿינף פֿון דער לינקער זייט. און ער האָט געמאַכט הונדערט גילדערנע שפּרענגבעקנס.

9 און ער האָט געמאַכט דעם הויף פֿון די כֹּהנים, און דעם גרויסן פֿאָרהויף, און די טירן צו דעם פֿאָרהויף; און ער האָט איבערגעצויגן זייערע טירן מיט קופּער.

10 און דעם ים האָט ער אַוועקגעשטעלט פֿון דער רעכטער זייט צו מזרח, אַקעגן דָרום.

11 און חורם האָט געמאַכט די טעפּ, און די שופֿלען, און די שפּרענגבעקנס.

אַזוי האָט חורם געענדיקט מאַכן די אַרבעט וואָס ער האָט געהאַט צו מאַכן פֿאַר דעם מלך שלמה אין גאָטס הויז:

[א] ד. ה. דער הינטערשטער אָדער אינעווייניקסטער און הייליקסטער, דער קָדשי־קָדשים.

וְהַכֹּתָרוֹת עַל־רֹאשׁ הָעַמּוּדִים שְׁתָּיִם וְהַשְּׂבָכוֹת שְׁתַּיִם
לְכַסּוֹת אֶת־שְׁתֵּי גֻּלּוֹת הַכֹּתָרוֹת אֲשֶׁר עַל־רֹאשׁ הָעַמּוּדִים׃
יג וְאֶת־הָרִמּוֹנִים אַרְבַּע מֵאוֹת לִשְׁתֵּי הַשְּׂבָכוֹת שְׁנַיִם טוּרִים
רִמּוֹנִים לַשְּׂבָכָה הָאֶחָת לְכַסּוֹת אֶת־שְׁתֵּי גֻּלּוֹת הַכֹּתָרוֹת
יד אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הָעַמּוּדִים׃ וְאֶת־הַמְּכֹנוֹת עָשָׂה וְאֶת־
טו הַכִּיֹּרוֹת עָשָׂה עַל־הַמְּכֹנוֹת׃ אֶת־הַיָּם אֶחָד וְאֶת־הַבָּקָר
טז שְׁנֵים־עָשָׂר תַּחְתָּיו׃ וְאֶת־הַסִּירוֹת וְאֶת־הַיָּעִים וְאֶת־
הַמִּזְלָגוֹת וְאֶת־כָּל־כְּלֵיהֶם עָשָׂה חוּרָם אָבִיו לַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה
יז לְבֵית יְהוָה נְחֹשֶׁת מָרוּק׃ בְּכִכַּר הַיַּרְדֵּן יְצָקָם הַמֶּלֶךְ
יח בַּעֲבִי הָאֲדָמָה בֵּין סֻכּוֹת וּבֵין צְרֵדָתָה׃ וַיַּעַשׂ
שְׁלֹמֹה כָּל־הַכֵּלִים הָאֵלֶּה לָרֹב מְאֹד כִּי לֹא נֶחְקַר מִשְׁקַל
יט הַנְּחֹשֶׁת׃ וַיַּעַשׂ שְׁלֹמֹה אֵת כָּל־הַכֵּלִים אֲשֶׁר בֵּית הָאֱלֹהִים
וְאֵת מִזְבַּח הַזָּהָב וְאֶת־הַשֻּׁלְחָנוֹת וַעֲלֵיהֶם לֶחֶם הַפָּנִים׃
כ וְאֶת־הַמְּנֹרוֹת וְנֵרֹתֵיהֶם לְבַעֲרָם כַּמִּשְׁפָּט לִפְנֵי הַדְּבִיר
כא זָהָב סָגוּר׃ וְהַפֶּרַח וְהַנֵּרוֹת וְהַמֶּלְקַחַיִם זָהָב הוּא מִכְלוֹת
כב זָהָב׃ וְהַמְזַמְּרוֹת וְהַמִּזְרָקוֹת וְהַכַּפּוֹת וְהַמַּחְתּוֹת זָהָב
סָגוּר וּפֶתַח הַבַּיִת דַּלְתוֹתָיו הַפְּנִימִיּוֹת לְקֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים
וְדַלְתֵי הַבַּיִת לַהֵיכָל זָהָב׃

ה

א וַתִּשְׁלַם כָּל־הַמְּלָאכָה אֲשֶׁר־עָשָׂה שְׁלֹמֹה לְבֵית יְהוָה
וַיָּבֵא שְׁלֹמֹה אֶת־קָדְשֵׁי ׀ דָּוִיד אָבִיו וְאֶת־הַכֶּסֶף וְאֶת־
ב הַזָּהָב וְאֶת־כָּל־הַכֵּלִים נָתַן בְּאֹצְרוֹת בֵּית הָאֱלֹהִים׃ אָז
יַקְהֵיל שְׁלֹמֹה אֶת־זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל וְאֶת־כָּל־רָאשֵׁי הַמַּטּוֹת
נְשִׂיאֵי הָאָבוֹת לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־יְרוּשָׁלִָם לְהַעֲלוֹת אֶת־
ג אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה מֵעִיר דָּוִיד הִיא צִיּוֹן׃ וַיִּקָּהֲלוּ אֶל־
הַמֶּלֶךְ כָּל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל בֶּחָג הוּא הַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִעִי׃
ד ה וַיָּבֹאוּ כֹּל זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּשְׂאוּ הַלְוִיִּם אֶת־הָאָרוֹן׃ וַיַּעֲלוּ
אֶת־הָאָרוֹן וְאֶת־אֹהֶל מוֹעֵד וְאֶת־כָּל־כְּלֵי הַקֹּדֶשׁ אֲשֶׁר

ד, יח׳ בס״א את־כל־

12 די צוויי זיילן, און די בעקנס, די צוויי בעקנס פון די קרוינען וואָס אויף די קעפּ פון די זיילן; און די צוויי נעצן צו באַדעקן די בעקנס פון די קרוינען וואָס אויף די קעפּ פון די זיילן; 13 און די פיר הונדערט מילגרוימען פאַר די צוויי נעצן, צוויי ציילן מילגרוימען פאַר איטלעכער נעץ, צו באַדעקן די צוויי בעקנס פון די קרוינען וואָס איבער די זיילן. 14 און ער האָט געמאַכט די געשטעלן, און געמאַכט די האַנטפּאַסן אויף די געשטעלן; 15 דעם איין ים, און די צוועלף רינדער אונטער אים; 16 און די טעפּ, און די שופלען, און די גאָפּלען, און אַלע זייערע כלים, האָט חורָם זיין הויפּטמייסטער געמאַכט פאַר דעם מלך שלמה פאַר גאָטס הויז, פון בלאַנקן קופּער. 17 אין דער געגנט פון יַרדן האָט זיי דער מלך אויסגעגאָסן, אין געדיכטער ערד, צווישן סוכות און צווישן צרֵדָה. 18 און שלמה האָט געמאַכט פון אַלע די־דאָזיקע כלים זייער פיל, ווייל די וואָג פון דעם קופּער איז ניט געווען צו באַרעכענען.

19 און שלמה האָט געמאַכט אַלע כלים וואָס אין גאָטס הויז, און דעם גילדערנעם מזבח, און די טישן וואָס אויף זיי איז דאָס ברויט פון אָנגעזיכט; 20 און די מנורות מיט זייערע רערלעך, כדי זיי זאָלן ברענען אַזוי ווי דער דין פאַרן דביר — פון עכטן גאָלד; 21 און די בלומען, און די רערלעך, און די צווענגלעך, פון גאָלד, און דאָס פון בעסטן גאָלד; 22 און די שנייצמעסערס, און די שפּרענגבעקנס, און די שאָלן, און די פייערפאַנען, פון עכטן גאָלד; און דער אַיינגאַנג פון הויז, זיינע אינעווייניקסטע טירן צום קָדשֵי־קָדשים, און די טירן פון הויז צום הֵיכל, פון גאָלד.

ה 1 און די גאַנצע אַרבעט וואָס שלמה האָט געמאַכט פאַר גאָטס הויז איז געענדיקט געוואָרן. און שלמה האָט געבראַכט די געהייליקטע זאַכן פון זיין פאָטער דודן, און האָט דאָס זילבער, און דאָס גאָלד, און אַלע כלים אַריינגעגעבן אין די שאַצקאַמערן פון גאָטס הויז.

2 דענסמאָל האָט שלמה אַיינגעזאַמלט די עלטסטע פון ישראל, און אַלע הויפּטן פון די שבטים, די פירשטן פון די פאָטערהייזער פון די קינדער פון ישראל, קיין ירושָלַיִם, כדי אַרויפצוברענגען דעם אָרון פון גאָטס בונד פון דודס־שטאָט, דאָס איז ציון. 3 און אַלע מענער פון ישראל האָבן זיך אַיינגעזאַמלט צום מלך אין דעם יום־טוב, דאָס איז אין זיבעטן חודש. 4 און אַלע עלטסטע פון ישראל זיינען געקומען, און די לוִיִים האָבן געטראָגן דעם אָרון. 5 און זיי האָבן אַרויפגעבראַכט דעם אָרון, און דעם אוהל־מועד, און אַלע הייליקע כלים וואָס אין געצעלט — די

בָּאֹהֶל הֶעֱלוּ אֹתָם הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם׃ וְהַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה ו
וְכָל־עֲדַת יִשְׂרָאֵל הַנּוֹעָדִים עָלָיו לִפְנֵי הָאָרוֹן מְזַבְּחִים
צֹאן וּבָקָר אֲשֶׁר לֹא־יִסָּפְרוּ וְלֹא יִמָּנוּ מֵרֹב׃ וַיָּבִיאוּ ז
הַכֹּהֲנִים אֶת־אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה אֶל־מְקוֹמוֹ אֶל־דְּבִיר הַבַּיִת
אֶל־קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים אֶל־תַּחַת כַּנְפֵי הַכְּרוּבִים׃ וַיִּהְיוּ ח
הַכְּרוּבִים פֹּרְשִׂים כְּנָפַיִם עַל־מְקוֹם הָאָרוֹן וַיְכַסּוּ הַכְּרוּבִים
עַל־הָאָרוֹן וְעַל־בַּדָּיו מִלְמָעְלָה׃ וַיַּאֲרִיכוּ הַבַּדִּים וַיֵּרָאוּ ט
רָאשֵׁי הַבַּדִּים מִן־הָאָרוֹן עַל־פְּנֵי הַדְּבִיר וְלֹא יֵרָאוּ הַחוּצָה
וַיְהִי־שָׁם עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ אֵין בָּאָרוֹן רַק שְׁנֵי הַלֻּחוֹת י
אֲשֶׁר־נָתַן מֹשֶׁה בְּחֹרֵב אֲשֶׁר כָּרַת יְהוָה עִם־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
בְּצֵאתָם מִמִּצְרָיִם׃ וַיְהִי בְּצֵאת הַכֹּהֲנִים מִן־ יא
הַקֹּדֶשׁ כִּי כָּל־הַכֹּהֲנִים הַנִּמְצְאִים הִתְקַדָּשׁוּ אֵין לִשְׁמוֹר
לְמַחְלְקוֹת׃ וְהַלְוִיִּם הַמְשֹׁרְרִים לְכֻלָּם לְאָסָף לְהֵימָן יב
לִידֻתוּן וְלִבְנֵיהֶם וְלַאֲחֵיהֶם מְלֻבָּשִׁים בּוּץ בִּמְצִלְתַּיִם
וּבִנְבָלִים וּבְכִנֹּרוֹת עֹמְדִים מִזְרָח לַמִּזְבֵּחַ וְעִמָּהֶם כֹּהֲנִים
לְמֵאָה וְעֶשְׂרִים מַחְצְרִים בַּחֲצֹצְרוֹת׃ וַיְהִי כְאֶחָד יג
לַמְחַצְּרִים וְלַמְשֹׁרְרִים לְהַשְׁמִיעַ קוֹל־אֶחָד לְהַלֵּל
וּלְהֹדוֹת לַיהוָה וּכְהָרִים קוֹל בַּחֲצֹצְרוֹת וּבִמְצִלְתַּיִם וּבִכְלֵי
הַשִּׁיר וּבְהַלֵּל לַיהוָה כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ וְהַבַּיִת
מָלֵא עָנָן בֵּית יְהוָה׃ וְלֹא־יָכְלוּ הַכֹּהֲנִים לַעֲמוֹד לְשָׁרֵת יד
מִפְּנֵי הֶעָנָן כִּי־מָלֵא כְבוֹד־יְהוָה אֶת־בֵּית הָאֱלֹהִים׃

ו

אָז אָמַר שְׁלֹמֹה יְהוָה אָמַר לִשְׁכּוֹן בָּעֲרָפֶל׃ וַאֲנִי בָּנִיתִי א ב
בֵית־זְבֻל לָךְ וּמָכוֹן לְשִׁבְתְּךָ עוֹלָמִים׃ וַיַּסֵּב הַמֶּלֶךְ אֶת־ ג
פָּנָיו וַיְבָרֶךְ אֵת כָּל־קְהַל יִשְׂרָאֵל וְכָל־קְהַל יִשְׂרָאֵל עוֹמֵד׃
וַיֹּאמֶר בָּרוּךְ יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּפִיו אֵת ד
דָּוִיד אָבִי וּבְיָדָיו מִלֵּא לֵאמֹר׃ מִן־הַיּוֹם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי ה

ה, יא׳ בס״א אֵין לִשְׁמוֹר   יב׳ יתיר נ״א מַחְצְצְרִים
יג׳ יתיר צ

כּהנים און די לוִיִם האָבן זיי אַרויפגעבראַכט. [6] און דער מלך שלמה און די גאַנצע עדה פון ישראל וואָס זיינען געווען אײַנגעזאַמלט אַרום אים פאַר דעם אָרון, האָבן געשלאַכט שאָף און רינדער, וואָס האָבן ניט געקענט געציילט ווערן און ניט באַרעכנט ווערן פון פילקייט. [7] און די כּהנים האָבן אַרײַנגעבראַכט דעם אָרון פון גאָטס בונד אויף זיין אָרט, אין דעם דביר פון הויז, אין קָדשי־קָדשים, אונטער די פליגלען פון די כּרובים. [8] וואָרום די כּרובים האָבן אויסגעשפּרייט זייערע פליגלען איבער דעם אָרט פון אָרון, און די כּרובים האָבן איבערגעדעקט דעם אָרון און זיינע שטאַנגען פון אויבן. [9] און די שטאַנגען זיינען געווען אַזוי לאַנג, אַז די שפּיצן פון די שטאַנגען אַרויס פון אָרון זיינען געזען געוואָרן פאַרן דביר, אָבער זיי זיינען ניט געזען געוואָרן ווייטער אַרויס. און ער איז דאָרטן געבליבן ביז אויף הײַנטיקן טאָג. [10] גאָרנישט איז אין אָרון געווען, נאָר די צוויי לוחות וואָס משה האָט אַרײַנגעטאָן אין חוֹרֵב, בעת גאָט האָט געשלאָסן אַ בונד מיט די קינדער פון ישראל, ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם.

[11] און עס איז געווען, ווי די כּהנים זיינען אַרויסגעגאַנגען פון הייליקטום — וואָרום אַלע כּהנים וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען, האָבן זיך געהאַט געהייליקט, ניט אַכטנדיק אויף די אָפּטיילונגען; [12] און די לוִיִם די זינגערס, זיי אַלע, אָסָף, הֵימָן, און ידותון, און זייערע זין און זייערע ברידער, אָנגעטאָן אין פײַנלײַנען, מיט צימבלען, און מיט גיטאַרן, און האַרפן, זיינען געשטאַנען אין מזרח פון מזבח, און מיט זיי הונדערט און צוואַנציק כּהנים טרומייטערנדיק אויף טרומייטן — [13] איז, ווי די טרומייטערערס און די זינגערס האָבן אין איינעם אַרויסגעלאָזט איין קָול צו לויבן און צו דאַנקען גאָט, און ווי זיי האָבן אויפגעהויבן דעם קָול מיט טרומייטן, און מיט צימבלען, און מיט כּלי־זֶמֶר, און געלויבט גאָט: „וואָרום ער איז גוט, וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד", אַזוי איז פול געוואָרן דאָס הויז מיט אַ וואָלקן — דאָס הויז פון גאָט. [14] און די כּהנים האָבן ניט געקענט זיך שטעלן טאָן דעם דינסט פון וועגן דעם וואָלקן, וואָרום די פּראַכט פון גאָט האָט אָנגעפילט דאָס הויז פון גאָט.

ו [1] דענסמאָל האָט שלמה געזאָגט:

גאָט האָט געזאָגט, אין וואָלקן צו רוען;[א]
[2] אָבער איך האָב דיר געבויט אַ הויז פאַר אַ וווינונג,
און אַן אָרט דיר צום זיצן אויף אייביק.

[3] און דער מלך האָט אומגעדרייט זיין פּנים, און האָט געבענטשט די גאַנצע אײַנזאַמלונג פון ישראל, און די גאַנצע אײַנזאַמלונג פון ישראל איז געשטאַנען. [4] און ער האָט געזאָגט: געלויבט איז יהוה דער גאָט פון ישראל, וואָס האָט מיט זיין מויל גערעדט צו מיין פאָטער דודן, און מיט זיין האַנט דערפילט, אַזוי צו זאָגן: [5] פון דעם טאָג וואָס איך האָב

[א] זע ויקרא טז, 2.

אֶת־עַמִּי מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לֹא־בָחַרְתִּי בְעִיר מִכֹּל שִׁבְטֵי
יִשְׂרָאֵל לִבְנוֹת בַּיִת לִהְיוֹת שְׁמִי שָׁם וְלֹא־בָחַרְתִּי בְאִישׁ
ו לִהְיוֹת נָגִיד עַל־עַמִּי יִשְׂרָאֵל׃ וָאֶבְחַר בִּירוּשָׁלִַם לִהְיוֹת
ז שְׁמִי שָׁם וָאֶבְחַר בְּדָוִיד לִהְיוֹת עַל־עַמִּי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי
עִם־לְבַב דָּוִיד אָבִי לִבְנוֹת בַּיִת לְשֵׁם יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃
ח וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־דָּוִיד אָבִי יַעַן אֲשֶׁר הָיָה עִם־לְבָבְךָ
ט לִבְנוֹת בַּיִת לִשְׁמִי הֱטִיבוֹתָ כִּי הָיָה עִם־לְבָבֶךָ׃ רַק אַתָּה
לֹא תִבְנֶה הַבָּיִת כִּי בִנְךָ הַיּוֹצֵא מֵחֲלָצֶיךָ הוּא־יִבְנֶה הַבַּיִת
י לִשְׁמִי׃ וַיָּקֶם יְהוָה אֶת־דְּבָרוֹ אֲשֶׁר דִּבֵּר וָאָקוּם תַּחַת
דָּוִיד אָבִי וָאֵשֵׁב ׀ עַל־כִּסֵּא יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה
יא וָאֶבְנֶה הַבַּיִת לְשֵׁם יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ וָאָשִׂים שָׁם
אֶת־הָאָרוֹן אֲשֶׁר שָׁם בְּרִית יְהוָה אֲשֶׁר כָּרַת עִם־בְּנֵי
יב יִשְׂרָאֵל׃ וַיַּעֲמֹד לִפְנֵי מִזְבַּח יְהוָה נֶגֶד כָּל־קְהַל יִשְׂרָאֵל
יג וַיִּפְרֹשׂ כַּפָּיו׃ כִּי־עָשָׂה שְׁלֹמֹה כִּיּוֹר נְחֹשֶׁת וַיִּתְּנֵהוּ בְּתוֹךְ
הָעֲזָרָה חָמֵשׁ אַמּוֹת אָרְכּוֹ וְחָמֵשׁ אַמּוֹת רָחְבּוֹ וְאַמּוֹת
שָׁלוֹשׁ קוֹמָתוֹ וַיַּעֲמֹד עָלָיו וַיִּבְרַךְ עַל־בִּרְכָּיו נֶגֶד כָּל־קְהַל
יד יִשְׂרָאֵל וַיִּפְרֹשׂ כַּפָּיו הַשָּׁמָיְמָה׃ וַיֹּאמַר יְהוָה אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל אֵין־כָּמוֹךָ אֱלֹהִים בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ שֹׁמֵר הַבְּרִית
טו וְהַחֶסֶד לַעֲבָדֶיךָ הַהֹלְכִים לְפָנֶיךָ בְּכָל־לִבָּם׃ אֲשֶׁר
שָׁמַרְתָּ לְעַבְדְּךָ דָּוִיד אָבִי אֵת אֲשֶׁר־דִּבַּרְתָּ לוֹ וַתְּדַבֵּר
טז בְּפִיךָ וּבְיָדְךָ מִלֵּאתָ כַּיּוֹם הַזֶּה׃ וְעַתָּה יְהוָה ׀ אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל שְׁמֹר לְעַבְדְּךָ דָוִיד אָבִי אֵת אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ לּוֹ
לֵאמֹר לֹא־יִכָּרֵת לְךָ אִישׁ מִלְּפָנַי יוֹשֵׁב עַל־כִּסֵּא יִשְׂרָאֵל
רַק אִם־יִשְׁמְרוּ בָנֶיךָ אֶת־דַּרְכָּם לָלֶכֶת בְּתוֹרָתִי כַּאֲשֶׁר
יז הָלַכְתָּ לְפָנָי׃ וְעַתָּה יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל יֵאָמֵן דְּבָרְךָ
יח אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ לְעַבְדְּךָ לְדָוִיד׃ כִּי הַאֻמְנָם יֵשֵׁב אֱלֹהִים
אֶת־הָאָדָם עַל־הָאָרֶץ הִנֵּה שָׁמַיִם וּשְׁמֵי הַשָּׁמַיִם לֹא
יט יְכַלְכְּלוּךָ אַף כִּי־הַבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר בָּנִיתִי׃ וּפָנִיתָ אֶל־

אַרויסגעצויגן מיין פֿאָלק פֿון לאַנד מִצרַיִם, האָב איך ניט אויסדערוויילט קיין שטאָט פֿון אַלע שבטים פֿון ישׂראל אויף צו בויען אַ הויז, אַז מיין נאָמען זאָל דאָרטן זיין, און איך האָב ניט אויסדערוויילט קיין מענטשן צו זיין אַ פֿירשט איבער מיין פֿאָלק ישׂראל. 6 נאָר איך האָב אויסדערוויילט ירושָלַיִם, אַז מיין נאָמען זאָל דאָרטן זיין, און איך האָב אויסדערוויילט דודן צו זיין איבער מיין פֿאָלק ישׂראל. 7 און עס איז געווען אין האַרצן פֿון מיין פֿאָטער דודן צו בויען אַ הויז צו דעם נאָמען פֿון יהוה דעם גאָט פֿון ישׂראל. 8 אָבער גאָט האָט געזאָגט צו מיין פֿאָטער דודן: וואָס דו האָסט געהאַט אין האַרצן צו בויען אַ הויז צו מיין נאָמען, האָסטו גוט געטאָן וואָס דו האָסט דאָס געהאַט אין האַרצן. 9 אָבער ניט דו וועסט בויען דאָס הויז, נייערט דיין זון וואָס גייט אַרויס פֿון דיינע לענדן, ער וועט בויען דאָס הויז צו מיין נאָמען. 10 און גאָט האָט מקיים געווען זיין צוזאָג וואָס ער האָט צוגעזאָגט, און איך בין אויפֿגעשטאַנען אויף דעם אָרט פֿון מיין פֿאָטער דודן, און איך האָב זיך געזעצט אויף דעם טראָן פֿון ישׂראל, אַזוי ווי גאָט האָט צוגעזאָגט, און איך האָב געבויט דאָס הויז צו דעם נאָמען פֿון יהוה דעם גאָט פֿון ישׂראל. 11 און איך האָב אַהין אַריינגעטאָן דעם אָרון, וואָס דאָרטן איז דער בונד פֿון גאָט, וואָס ער האָט געשלאָסן מיט די קינדער פֿון ישׂראל.

12 און ער האָט זיך געשטעלט פֿאַר דעם מזבח פֿון גאָט, אַקעגן דער גאַנצער אײַנזאַמלונג פֿון ישׂראל, און ער האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענט. 13 ווארום שלמה האָט געהאַט געמאַכט אַ קופּערן געשטעל, און אים אַריינגעשטעלט אין מיטן פֿאָרהויף; פֿינף איילן זיין לענג, און פֿינף איילן זיין ברייט, און דריי איילן זיין הייך; האָט ער זיך דערויף געשטעלט, און ער האָט געקניט אויף זיינע קני אַקעגן דער גאַנצער אײַנזאַמלונג פֿון ישׂראל, און ער האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענט צום הימל. 14 און ער האָט געזאָגט: יהוה דו גאָט פֿון ישׂראל, ניטאָ אין הימל אָדער אויף דער ערד אַ גאָט ווי דו, וואָס האַלטסט דעם בונד און די גנאָד צו דיינע קנעכט וואָס גייען פֿאַר דיר מיט זייער גאַנצן האַרצן; 15 וואָס האָסט געהאַלטן דיין קנעכט, מיין פֿאָטער דודן, דאָס וואָס דו האָסט אים צוגעזאָגט; און מיט דיין מויל האָסטו גערעדט, און מיט דיין האַנט דערפֿילט, אַזוי ווי היינטיקן טאָג. 16 און אַצונד, יהוה דו גאָט פֿון ישׂראל, האַלט דיין קנעכט, מיין פֿאָטער דודן, דאָס וואָס דו האָסט צו אים גערעדט, אַזוי צו זאָגן: עס וועט דיר ניט פֿאַרשניטן ווערן פֿון פֿאַר מיר אַ מאַן צו זיצן אויף דעם טראָן פֿון ישׂראל, אויב נאָר דיינע קינדער וועלן היטן זייער וועג, צו גיין אין מיין תּורה אַזוי ווי דו ביסט געגאַנגען פֿאַר מיר. 17 און אַצונד, יהוה דו גאָט פֿון ישׂראל, זאָל באַוואָרט ווערן דיין צוזאָג וואָס דו האָסט צוגעזאָגט דיין קנעכט, דודן.

18 ווארום קען אין דער אמתן גאָט וווינען מיט מענטשן אויף דער ערד? אַז די הימלען און די הימלען פֿון די הימלען קענען דיך ניט אַריינעמען, היינט ווי שוין דאָסדאָזיקע הויז וואָס איך האָב געבויט. 19 אָבער קער זיך,

תְּפִלַּת עַבְדְּךָ וְאֶל־תְּחִנָּתוֹ יְהוָה אֱלֹהָי לִשְׁמֹעַ אֶל־הָרִנָּה
כ וְאֶל־הַתְּפִלָּה אֲשֶׁר עַבְדְּךָ מִתְפַּלֵּל לְפָנֶיךָ׃ לִהְיוֹת עֵינֶיךָ
פְתֻחוֹת אֶל־הַבַּיִת הַזֶּה יוֹמָם וָלַיְלָה אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר
אָמַרְתָּ לָשׂוּם שִׁמְךָ שָׁם לִשְׁמוֹעַ אֶל־הַתְּפִלָּה אֲשֶׁר יִתְפַּלֵּל
כא עַבְדְּךָ אֶל־הַמָּקוֹם הַזֶּה׃ וְשָׁמַעְתָּ אֶל־תַּחֲנוּנֵי עַבְדְּךָ וְעַמְּךָ
יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר יִתְפַּלְלוּ אֶל־הַמָּקוֹם הַזֶּה וְאַתָּה תִּשְׁמַע
כב מִמְּקוֹם שִׁבְתְּךָ מִן־הַשָּׁמַיִם וְשָׁמַעְתָּ וְסָלָחְתָּ׃ אִם־יֶחֱטָא
אִישׁ לְרֵעֵהוּ וְנָשָׁא־בוֹ אָלָה לְהַאֲלֹתוֹ וּבָא אָלָה לִפְנֵי
כג מִזְבַּחֲךָ בַּבַּיִת הַזֶּה׃ וְאַתָּה ׀ תִּשְׁמַע מִן־הַשָּׁמַיִם וְעָשִׂיתָ
וְשָׁפַטְתָּ אֶת־עֲבָדֶיךָ לְהָשִׁיב לְרָשָׁע לָתֵת דַּרְכּוֹ בְּרֹאשׁוֹ
כד וּלְהַצְדִּיק צַדִּיק לָתֶת לוֹ כְּצִדְקָתוֹ׃ וְאִם־יִנָּגֵף עַמְּךָ
יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי אוֹיֵב כִּי יֶחֶטְאוּ־לָךְ וְשָׁבוּ וְהוֹדוּ אֶת־שְׁמֶךָ
כה וְהִתְפַּלְלוּ וְהִתְחַנְּנוּ לְפָנֶיךָ בַּבַּיִת הַזֶּה׃ וְאַתָּה תִּשְׁמַע מִן
הַשָּׁמַיִם וְסָלַחְתָּ לְחַטַּאת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל וַהֲשֵׁיבוֹתָם אֶל־
כו הָאֲדָמָה אֲשֶׁר־נָתַתָּה לָהֶם וְלַאֲבֹתֵיהֶם׃ בְּהֵעָצֵר
הַשָּׁמַיִם וְלֹא־יִהְיֶה מָטָר כִּי יֶחֶטְאוּ־לָךְ וְהִתְפַּלְלוּ אֶל־
הַמָּקוֹם הַזֶּה וְהוֹדוּ אֶת־שְׁמֶךָ מֵחַטָּאתָם יְשׁוּבוּן כִּי תַעֲנֵם׃
כז וְאַתָּה ׀ תִּשְׁמַע הַשָּׁמַיִם וְסָלַחְתָּ לְחַטַּאת עֲבָדֶיךָ וְעַמְּךָ
יִשְׂרָאֵל כִּי תוֹרֵם אֶל־הַדֶּרֶךְ הַטּוֹבָה אֲשֶׁר יֵלְכוּ־בָהּ וְנָתַתָּה
כח מָטָר עַל־אַרְצְךָ אֲשֶׁר־נָתַתָּה לְעַמְּךָ לְנַחֲלָה׃ רָעָב
כִּי־יִהְיֶה בָאָרֶץ דֶּבֶר כִּי־יִהְיֶה שִׁדָּפוֹן וְיֵרָקוֹן אַרְבֶּה וְחָסִיל
כִּי יִהְיֶה כִּי יָצַר־לוֹ אוֹיְבָיו בְּאֶרֶץ שְׁעָרָיו כָּל־נֶגַע וְכָל־
כט מַחֲלָה׃ כָּל־תְּפִלָּה כָל־תְּחִנָּה אֲשֶׁר יִהְיֶה לְכָל־הָאָדָם
וּלְכֹל עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר יֵדְעוּ אִישׁ נִגְעוֹ וּמַכְאֹבוֹ וּפָרַשׂ
ל כַּפָּיו אֶל־הַבַּיִת הַזֶּה׃ וְאַתָּה תִּשְׁמַע מִן־הַשָּׁמַיִם מְכוֹן
שִׁבְתֶּךָ וְסָלַחְתָּ וְנָתַתָּה לָאִישׁ כְּכָל־דְּרָכָיו אֲשֶׁר תֵּדַע אֶת־
לא לְבָבוֹ כִּי־אַתָּה לְבַדְּךָ יָדַעְתָּ אֶת־לְבַב בְּנֵי הָאָדָם׃ לְמַעַן
יִירָאוּךָ לָלֶכֶת בִּדְרָכֶיךָ כָּל־הַיָּמִים אֲשֶׁר־הֵם חַיִּים עַל־

יהוה מיין גאָט, צו דער תפילה פון דיין קנעכט, און צו זיין בקשה, צוצוהערן צו דעם געשריי און צו דער תפילה וואָס דיין קנעכט איז מתפלל פאַר דיר, [20] אַז דיינע אויגן זאָלן זיין אָפן טאָג און נאַכט אויף דעמדאָזיקן הויז, אויף דעם אָרט וואָס דו האָסט צוגעזאָגט צו טאָן דיין נאָמען דאָרטן; צוצוהערן צו דער תפילה וואָס דיין קנעכט וועט מתפלל זיין אַקעגן דעמדאָזיקן אָרט. [21] און זאָלסט צוהערן צו די בקשות פון דיין קנעכט, און פון דיין פאָלק ישׂראל, וואָס זיי וועלן מתפלל זיין אַקעגן דעמדאָזיקן אָרט; און דו זאָלסט הערן פון דעם אָרט פון דיין וווינונג, פון הימל, און אַז דו וועסט הערן, זאָלסטו פאַרגעבן.

[22] אַז אַ מאַן וועט זינדיקן קעגן זיין חבר, און מע וועט אַרויפלייגן אויף אים אַ שבועה אים צו באַשווערן, און ער וועט קומען און שווערן פאַר דיין מזבח אין דעמדאָזיקן הויז, [23] זאָלסט דו צוהערן פון הימל, און טאָן, און משפטן דיינע קנעכט, צו פאַרגעלטן דעם שולדיקן, צו ברענגען זיין וועג אויף זיין קאָפּ; און צו מאַכן גערעכט דעם גערעכטן, אים צו געבן לויט זיין גערעכטיקייט.

[24] און אַז דיין פאָלק ישׂראל וועט געשלאָגן ווערן פאַרן פיינט, ווייל זיי האָבן געזינדיקט צו דיר, און זיי וועלן תשובה טאָן, און וועלן באַקענען דיין נאָמען, און וועלן מתפלל זיין און בעטן פאַר דיר אין דעמדאָזיקן הויז, [25] זאָלסט דו צוהערן פון הימל, און פאַרגעבן די זינד פון דיין פאָלק ישׂראל, און זיי אומקערן אויף דער ערד וואָס דו האָסט געגעבן זיי און זייערע עלטערן.

[26] אַז דער הימל וועט זיין פאַרשלאָסן, און עס וועט ניט זיין קיין רעגן, ווייל זיי האָבן געזינדיקט צו דיר, און זיי וועלן מתפלל זיין אַקעגן דעמדאָזיקן אָרט, און וועלן באַקענען דיין נאָמען, זיך אומקערן פון זייערע זינד, ווען דו האָסט זיי געפּייניקט, [27] זאָלסט דו צוהערן אין הימל, און פאַרגעבן די זינד פון דיינע קנעכט און דיין פאָלק ישׂראל, ווען דו וועסט זיי האָבן אָנגעוויזן אויף דעם גוטן וועג וואָס זיי זאָלן אויף אים גיין; און זאָלסט געבן רעגן אין דיין לאַנד, וואָס דו האָסט געגעבן דיין פאָלק פאַר אַ נחלה.

[28] אַז עס וועט זיין אַ הונגער אין לאַנד, אַז עס וועט זיין מגפה, אַז עס וועט זיין אַ קאָרנבראַנד אָדער אַ וועלקעניש, אַ היישעריק אָדער אַ גראָזפרעסער; אַז זיינע פיינט וועלן אים באַלעגערן אין דעם לאַנד פון זיינע שטעט: וואָס נאָר פאַר אַ פּלאָג און וואָס נאָר פאַר אַ קראַנקשאַפט; [29] וואָס נאָר פאַר אַ תפילה, וואָס נאָר פאַר אַ בקשה, עס וועט זיין ביי עמיצן איינעם, אָדער ביי דיין גאַנצן פאָלק ישׂראל, ווען איטלעכער פון זיי שפּירט זיין פּלאָג און זיין ווייטאָק, און ער שפּרייט אויס זיינע הענט צו דעמדאָזיקן הויז, [30] זאָלסט דו צוהערן פון הימל, דעם אָרט פון דיין וווינונג, און זאָלסט פאַרגעבן, און געבן איטלעכן לויט זיינע וועגן, אַזוי ווי דו ווייסט זיין האַרץ—וואָרום דו אַליין ווייסט דאָס האַרץ פון די מענטשנקינדער— [31] כדי זיי זאָלן מורא האָבן פאַר דיר, צו גיין אין דיינע וועגן אַלע טעג

לב פְּנֵי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתָּה לַאֲבֹתֵינוּ׃ וְגַם אֶל־הַנָּכְרִי
אֲשֶׁר לֹא־מֵעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל הוּא וּבָא ׀ מֵאֶרֶץ רְחוֹקָה לְמַעַן
שִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְיָדְךָ הַחֲזָקָה וּזְרוֹעֲךָ הַנְּטוּיָה וּבָאוּ וְהִתְפַּלְלוּ
לג אֶל־הַבַּיִת הַזֶּה׃ וְאַתָּה תִּשְׁמַע מִן־הַשָּׁמַיִם מִמְּכוֹן שִׁבְתֶּךָ
וְעָשִׂיתָ כְּכֹל אֲשֶׁר־יִקְרָא אֵלֶיךָ הַנָּכְרִי לְמַעַן יֵדְעוּ כָל־
עַמֵּי הָאָרֶץ אֶת־שְׁמֶךָ וּלְיִרְאָה אֹתְךָ כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל
וְלָדַעַת כִּי־שִׁמְךָ נִקְרָא עַל־הַבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר בָּנִיתִי׃
לד כִּי־יֵצֵא עַמְּךָ לַמִּלְחָמָה עַל־אוֹיְבָיו בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר
תִּשְׁלָחֵם וְהִתְפַּלְלוּ אֵלֶיךָ דֶּרֶךְ הָעִיר הַזֹּאת אֲשֶׁר בָּחַרְתָּ
לה בָּהּ וְהַבַּיִת אֲשֶׁר־בָּנִיתִי לִשְׁמֶךָ׃ וְשָׁמַעְתָּ מִן־הַשָּׁמַיִם
לו אֶת־תְּפִלָּתָם וְאֶת־תְּחִנָּתָם וְעָשִׂיתָ מִשְׁפָּטָם׃ כִּי יֶחֶטְאוּ־
לָךְ כִּי אֵין אָדָם אֲשֶׁר לֹא־יֶחֱטָא וְאָנַפְתָּ בָם וּנְתַתָּם לִפְנֵי
אוֹיֵב וְשָׁבוּם שׁוֹבֵיהֶם אֶל־אֶרֶץ רְחוֹקָה אוֹ קְרוֹבָה׃
לז וְהֵשִׁיבוּ אֶל־לְבָבָם בָּאֶרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבּוּ־שָׁם וְשָׁבוּ ׀ וְהִתְחַנְּנוּ
לח אֵלֶיךָ בְּאֶרֶץ שִׁבְיָם לֵאמֹר חָטָאנוּ הֶעֱוִינוּ וְרָשָׁעְנוּ׃ וְשָׁבוּ
אֵלֶיךָ בְּכָל־לִבָּם וּבְכָל־נַפְשָׁם בְּאֶרֶץ שִׁבְיָם אֲשֶׁר־שָׁבוּ
אֹתָם וְהִתְפַּלְלוּ דֶּרֶךְ אַרְצָם אֲשֶׁר־נָתַתָּה לַאֲבוֹתָם וְהָעִיר
לט אֲשֶׁר בָּחַרְתָּ וְלַבַּיִת אֲשֶׁר־בָּנִיתִי לִשְׁמֶךָ׃ וְשָׁמַעְתָּ מִן־
הַשָּׁמַיִם מִמְּכוֹן שִׁבְתְּךָ אֶת־תְּפִלָּתָם וְאֶת־תְּחִנֹּתֵיהֶם וְעָשִׂיתָ
מ מִשְׁפָּטָם וְסָלַחְתָּ לְעַמְּךָ אֲשֶׁר חָטְאוּ־לָךְ׃ עַתָּה אֱלֹהַי
יִהְיוּ־נָא עֵינֶיךָ פְּתֻחוֹת וְאָזְנֶיךָ קַשֻּׁבוֹת לִתְפִלַּת הַמָּקוֹם
מא הַזֶּה׃ וְעַתָּה קוּמָה יְהוָה אֱלֹהִים לְנוּחֶךָ אַתָּה וַאֲרוֹן עֻזֶּךָ
כֹּהֲנֶיךָ יְהוָה אֱלֹהִים יִלְבְּשׁוּ תְשׁוּעָה וַחֲסִידֶיךָ יִשְׂמְחוּ
מב בַטּוֹב׃ יְהוָה אֱלֹהִים אַל־תָּשֵׁב פְּנֵי מְשִׁיחֶיךָ זָכְרָה לְחַסְדֵי
דָּוִיד עַבְדֶּךָ׃

ז

א וּכְכַלּוֹת שְׁלֹמֹה לְהִתְפַּלֵּל וְהָאֵשׁ יָרְדָה מֵהַשָּׁמַיִם וַתֹּאכַל

ו, מב׳ ס״א ׳דֵי

וואָס זיי לעבן אויף דער ערד, וואָס דו האָסט געגעבן אונדזערע עלטערן.

[32] און אויך צו דעם פרעמדן וואָס איז ניט פון דיין פאָלק ישׂראל, אַז ער וועט קומען פון אַ ווייטן לאַנד פון וועגן דיין גרויסן נאָמען, און דיין שטאַרקער האַנט, און דיין אויסגעשטרעקטן אָרעם, אַז זיי וועלן קומען און וועלן מתפלל זיין אַקעגן דעמדאָזיקן הויז, [33] זאָלסט דו צוהערן פון הימל, פון דעם אָרט פון דיין וווינונג, און זאָלסט טאָן אַלץ אום וואָס דער פרעמדער וועט רופן צו דיר; כּדי אַלע פעלקער פון דער ערד זאָלן דערקענען דיין נאָמען, און מורא האָבן פאַר דיר, אַזוי ווי דיין פאָלק ישׂראל, און וויסן אַז דיין נאָמען ווערט גערופן אויף דעמדאָזיקן הויז וואָס איך האָב געבויט.

[34] אַז דיין פאָלק וועט אַרויסגיין אויף מלחמה אַקעגן זיינע פיינט, אויף דעם וועג וואָס דו וועסט זיי שיקן, און זיי וועלן מתפלל זיין צו דיר אַקעגן דערדאָזיקער שטאָט וואָס דו האָסט זי אויסדערוויילט, און דעם הויז וואָס איך האָב געבויט צו דיין נאָמען, [35] זאָלסטו צוהערן פון הימל זייער תּפילה און זייער בּקשה, און טאָן זייער רעכט.

[36] אַז זיי וועלן זינדיקן צו דיר – וואָרום עס איז ניטאָ אַ מענטש וואָס זאָל ניט זינדיקן – און דו וועסט צערענען אויף זיי, און זיי איבערגעבן פאַרן פיינט, און זייערע פאַרגערס וועלן זיי נעמען געפאַנגען אין אַ ווייטן אָדער נאָענטן לאַנד, [37] און זיי וועלן זיך נעמען צום האַרצן אין דעם לאַנד וואָס זיי זיינען גענומען געוואָרן געפאַנגען אַהין, און זיי וועלן תּשובֿה טאָן, און וועלן בעטן צו דיר אין לאַנד פון זייער געפאַנגענשאַפט, אַזוי צו זאָגן; מיר האָבן געזינדיקט, מיר האָבן פאַרבראָכן, מיר האָבן געטאָן שלעכטס; [38] און זיי וועלן זיך אומקערן צו דיר מיט זייער גאַנצן האַרצן, און מיט זייער גאַנצער זעל, אין דעם לאַנד פון זייער געפאַנגענשאַפט וווהין מע האָט זיי גענומען געפאַנגען, און זיי וועלן מתפלל זיין אַקעגן זייער לאַנד, וואָס דו האָסט געגעבן זייערע עלטערן, און דער שטאָט וואָס דו האָסט אויסדערוויילט, און אַקעגן דעם הויז וואָס איך האָב געבויט צו דיין נאָמען, [39] זאָלסט דו צוהערן פון הימל, פון דעם אָרט פון דיין וווינונג, זייער תּפילה און זייערע בּקשות, און טאָן זייער רעכט; און זאָלסט פאַרגעבן דיין פאָלק וואָס זיי האָבן צו דיר געזינדיקט.

[40] אַצונד, מיין גאָט, זאָלן, איך בעט דיך, דיינע אויגן זיין אָפן, און דיינע אויערן פאַרנעמיק צו דער תּפילה פון דעמדאָזיקן אָרט.

[41] און אַצונד, שטיי אויף, גאָט דו האַר, צו דיין רואונג,
דו און דער אָרון פון דיין שטאַרקייט;
דיינע כּהנים, גאָט דו האַר, זאָלן זיך אָנקליידן מיט הילף,
און דיינע פרומע זאָלן זיך פרייען מיט גוטס.
[42] גאָט דו האַר, שטויס ניט אָפּ דעם פּנים פון דיין געזאַלבטן,
געדענק די חסדים פון דיין קנעכט דודן.

ז [1] און ווי שלמה האָט געענדיקט מתפלל זיין, אַזוי האָט אַראָפּגענידערט אַ פייער פון הימל, און האָט פאַרצערט

הָעֹלָה וְהַזְּבָחִים וּכְבוֹד יְהוָה מָלֵא אֶת־הַבָּיִת׃ וְלֹא יָכְלוּ ב
הַכֹּהֲנִים לָבוֹא אֶל־בֵּית יְהוָה כִּי־מָלֵא כְבוֹד־יְהוָה אֶת־
בֵּית יְהוָה׃ וְכֹל ׀ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל רֹאִים בְּרֶדֶת הָאֵשׁ וּכְבוֹד ג
יְהוָה עַל־הַבָּיִת וַיִּכְרְעוּ אַפַּיִם אַרְצָה עַל־הָרִצְפָּה
וַיִּשְׁתַּחֲווּ וְהוֹדוֹת לַיהוָה כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ וְהַמֶּלֶךְ ד
וְכָל־הָעָם זֹבְחִים זֶבַח לִפְנֵי יְהוָה׃ וַיִּזְבַּח הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה ה
אֶת־זֶבַח הַבָּקָר עֶשְׂרִים וּשְׁנַיִם אֶלֶף וְצֹאן מֵאָה וְעֶשְׂרִים
אָלֶף וַיַּחְנְכוּ אֶת־בֵּית הָאֱלֹהִים הַמֶּלֶךְ וְכָל־הָעָם׃ וְהַכֹּהֲנִים ו
עַל־מִשְׁמְרוֹתָם עֹמְדִים וְהַלְוִיִּם בִּכְלֵי שִׁיר־יְהוָה אֲשֶׁר
עָשָׂה דָּוִיד הַמֶּלֶךְ לְהֹדוֹת לַיהוָה כִּי־לְעוֹלָם חַסְדּוֹ בְּהַלֵּל
דָּוִיד בְּיָדָם וְהַכֹּהֲנִים מַחְצְרִים נֶגְדָּם וְכָל־יִשְׂרָאֵל
עֹמְדִים׃ וַיְקַדֵּשׁ שְׁלֹמֹה אֶת־תּוֹךְ הֶחָצֵר אֲשֶׁר לִפְנֵי ז
בֵית־יְהוָה כִּי־עָשָׂה שָׁם הָעֹלוֹת וְאֵת חֶלְבֵי הַשְּׁלָמִים
כִּי־מִזְבַּח הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר־עָשָׂה שְׁלֹמֹה לֹא יָכוֹל לְהָכִיל
אֶת־הָעֹלָה וְאֶת־הַמִּנְחָה וְאֶת־הַחֲלָבִים׃ וַיַּעַשׂ שְׁלֹמֹה ח
אֶת־הֶחָג בָּעֵת הַהִיא שִׁבְעַת יָמִים וְכָל־יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ קָהָל
גָּדוֹל מְאֹד מִלְּבוֹא חֲמָת עַד־נַחַל מִצְרָיִם׃ וַיַּעֲשׂוּ בַּיּוֹם ט
הַשְּׁמִינִי עֲצָרֶת כִּי ׀ חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ עָשׂוּ שִׁבְעַת יָמִים
וְהֶחָג שִׁבְעַת יָמִים׃ וּבְיוֹם עֶשְׂרִים וּשְׁלֹשָׁה לַחֹדֶשׁ י
הַשְּׁבִיעִי שִׁלַּח אֶת־הָעָם לְאָהֳלֵיהֶם שְׂמֵחִים וְטוֹבֵי לֵב
עַל־הַטּוֹבָה אֲשֶׁר עָשָׂה יְהוָה לְדָוִיד וְלִשְׁלֹמֹה וּלְיִשְׂרָאֵל
עַמּוֹ׃ וַיְכַל שְׁלֹמֹה אֶת־בֵּית יְהוָה וְאֶת־בֵּית הַמֶּלֶךְ וְאֵת יא
כָּל־הַבָּא עַל־לֵב שְׁלֹמֹה לַעֲשׂוֹת בְּבֵית־יְהוָה וּבְבֵיתוֹ
הִצְלִיחַ׃ וַיֵּרָא יְהוָה אֶל־שְׁלֹמֹה בַּלָּיְלָה וַיֹּאמֶר לוֹ יב
שָׁמַעְתִּי אֶת־תְּפִלָּתֶךָ וּבָחַרְתִּי בַּמָּקוֹם הַזֶּה לִי לְבֵית זָבַח׃
הֵן אֶעְצֹר הַשָּׁמַיִם וְלֹא־יִהְיֶה מָטָר וְהֵן־אֲצַוֶּה עַל־חָגָב יג
לֶאֱכוֹל הָאָרֶץ וְאִם־אֲשַׁלַּח דֶּבֶר בְּעַמִּי׃ וְיִכָּנְעוּ עַמִּי אֲשֶׁר יד

ה׳ נ״א זָבַח    ו׳ יתיר צ׳

דאָס בראַנדאָפּפער און די שלאַכטאָפּפער, און די פּראַכט פון גאָט האָט אָנגעפילט דאָס הויז. 2 און די כהנים האָבן ניט געקענט אַריינגיין אין הויז פון גאָט, ווייל די פּראַכט פון גאָט האָט אָנגעפילט דאָס הויז פון גאָט. 3 און אַלע קינדער פון ישׂראל האָבן געזען ווי דאָס פייער האָט אַראָפּגענידערט, און די פּראַכט פון גאָט איז געווען איבערן הויז, און זיי האָבן געקניט מיטן פּנים צו דער ערד אויף דער פּלאַסטערונג, און זיי האָבן זיך געבוקט, און האָבן געלויבט גאָט: „וואָרום ער איז גוט, וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד".

4 און דער מלך און דאָס גאַנצע פאָלק האָבן גע־שלאַכט שלאַכטאָפּפער פאַר גאָט. 5 און דער מלך שלמה האָט געשלאַכט אַ שלאַכטאָפּפערונג פון צוויי און צוואַנציק טויזנט רינדער, און הונדערט און צוואַנציק טויזנט שאָף. אַזוי האָט דער מלך און דאָס גאַנצע פאָלק באַנייט דאָס הויז פון גאָט.

6 און די כהנים זיינען געשטאַנען אויף זייערע וואַכן, און די לוִיִם מיט כלֵי־זֶמֶר פאַר דעם געזאַנג פון גאָט, וואָס דוד המלך האָט געמאַכט אויף צו געבן אַ דאַנק צו גאָט, ווייל אויף אייביק איז זיין חסד, מיט אַ לויבונג פון דודן, דורך זייער האַנט; און די כהנים האָבן געטרומייטערט אַקעגן זיי; און גאַנץ ישׂראל זיינען געשטאַנען.

7 און שלמה האָט געהייליקט דעם מיטן פון הויף וואָס פאַר גאָטס הויז; ווייל ער האָט דאָרטן געמאַכט די בראַנדאָפּפער און דאָס פעטס פון די פרידאָפּפער; וואָרום דער קופּערנער מזבח וואָס שלמה האָט געמאַכט, האָט ניט געקענט אַרויפנעמען די בראַנדאָפּפער און די שפּייזאָפּפער, און דאָס פעטס.

8 און שלמה האָט געמאַכט דעם יָום־טוב אין יענער צייט זיבן טעג, און גאַנץ ישׂראל מיט אים, אַ זייער גרויסע איינזאַמלונג, פון ווו מע קומט קיין חֲמָת ביז דעם טייך פון מִצרַיִם. 9 און אויפן אַכטן טאָג האָבן זיי געמאַכט אַ הייליקע איינזאַמלונג; וואָרום זיבן טעג האָבן זיי געמאַכט די באַנייאונג פון מזבח, און דער יָום־טוב איז געווען זיבן טעג. 10 און אויפן דריי און צוואַנציקסטן טאָג אין זיבעטן חודש האָט ער אַוועקגעשיקט דאָס פאָלק צו זייערע גע־צעלטן פריילעך און מיט אַן אויפגעראַמטן האַרצן איבער דעם גוטס וואָס גאָט האָט געטאָן צו דודן, און צו שלמהן, און צו זיין פאָלק ישׂראל.

11 אַזוי האָט שלמה פאַרענדיקט דאָס הויז פון גאָט, און דאָס הויז פון מלך; און אַלץ וואָס איז געקומען שלמהן אויפן האַרצן צו מאַכן אין הויז פון גאָט, אָדער אין זיין הויז, האָט ער דורכגעפירט.

12 און גאָט האָט זיך באַוויזן צו שלמהן ביי נאַכט, און האָט צו אים געזאָגט: איך האָב צוגעהערט דיין תפילה, און איך האָב אויסדערוויילט דעמדאָזיקן אָרט פאַר מיר, פאַר אַ הויז פון אָפּפערונג. 13 אַז איך וועל פאַרשליסן דעם הימל, און עס וועט ניט זיין קיין רעגן, אָדער אַז איך וועל באַפעלן דעם היישעריק צו פאַרצערן דאָס לאַנד, אָדער אויב איך וועל שיקן אַ מגפה צווישן מיין פאָלק, 14 און מיין פאָלק וואָס מיין נאָמען ווערט גערופן אויף אים, וועט ווערן

אונטערטעניק, און זיי וועלן מתפלל זיין און בעטן פאַר מיר, און וועלן זיך אומקערן פון זייערע שלעכטע וועגן, וועל איך צוהערן פון הימל, און וועל פאַרגעבן זייער זינד, און וועל אויפריכטן זייער לאַנד. [15] אַצונד וועלן מײַנע אויגן זײַן אָפן, און מײַנע אויערן פאַרנעמיק, צו דער תפילה פון דעמדאָזיקן הויז. [16] און אַצונד האָב איך אויסדערוויילט און האָב געהייליקט דאָסדאָזיקע הויז, אַז מײַן נאָמען זאָל דאָרטן זײַן אויף אייביק, און מײַנע אויגן און מײַן האַרץ וועלן דאָרטן זײַן אַלע טעג. [17] און דו, אויב דו וועסט גיין פאַר מיר, אַזוי ווי דײַן פאָטער דוד איז געגאַנגען, צו טאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס איך האָב דיר באַפוילן, און מײַנע חוקים און מײַנע געזעצן וועסטו היטן, [18] וועל איך אויפשטעלן דעם טראָן פון דײַן מלוכה, אַזוי ווי איך האָב געשלאָסן אַ בונד מיט דײַן פאָטער דודן, אַזוי צו זאָגן: עס וועט דיר ניט פאַרשניטן ווערן אַ מאַן וואָס געוועלטיקט אין ישׂראל. [19] אויב אָבער איר וועט זיך אָפּקערן, און איר וועט פאַרלאָזן מײַנע חוקים און מײַנע געזעצן וואָס איך האָב געלייגט פאַר אײַך, און איר וועט גיין און וועט דינען פרעמדע געטער, און וועט זיך בוקן צו זיי, [20] וועל איך זיי אויסרײַסן פון מײַן ערד וואָס איך האָב זיי געגעבן, און דאָסדאָזיקע הויז וואָס איך האָב געהייליקט צו מײַן נאָמען, וועל איך אַוועקוואַרפן פון מײַן פּנים, און איך וועל עס מאַכן פאַר אַ שפּריכוואָרט און פאַר אַ געשפּעט צווישן אַלע פעלקער. [21] און דאָסדאָזיקע הויז וואָס איז געווען דערהויבן, וועט איטלעכער וואָס גייט אים פאַרבײַ זיך דערשרעקן; און אַז ער וועט זאָגן: פאַרוואָס האָט גאָט אַזוי געטאָן צו דעמדאָזיקן לאַנד, און צו דעמדאָזיקן הויז? [22] וועט מען זאָגן: דערפאַר וואָס זיי האָבן פאַרלאָזן יהוה דעם גאָט פון זייערע עלטערן, וואָס האָט זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם, און זיי האָבן זיך געהאַלטן אָן פרעמדע געטער, און זיך געבוקט צו זיי און זיי געדינט; דרום האָט ער געבראַכט אויף זיי אַל־דאָסדאָזיקע בייז.

נִקְרָא־שְׁמִי עֲלֵיהֶם וְיִתְפַּלְלוּ וִיבַקְשׁוּ פָנַי וְיָשֻׁבוּ מִדַּרְכֵיהֶם
הָרָעִים וַאֲנִי אֶשְׁמַע מִן־הַשָּׁמַיִם וְאֶסְלַח לְחַטָּאתָם וְאֶרְפָּא
טו אֶת־אַרְצָם׃ עַתָּה עֵינַי יִהְיוּ פְתֻחוֹת וְאָזְנַי קַשֻּׁבוֹת לִתְפִלַּת
טז הַמָּקוֹם הַזֶּה׃ וְעַתָּה בָּחַרְתִּי וְהִקְדַּשְׁתִּי אֶת־הַבַּיִת הַזֶּה
לִהְיוֹת שְׁמִי שָׁם עַד־עוֹלָם וְהָיוּ עֵינַי וְלִבִּי שָׁם כָּל־
יז הַיָּמִים׃ וְאַתָּה אִם־תֵּלֵךְ לְפָנַי כַּאֲשֶׁר הָלַךְ דָּוִיד אָבִיךָ
וְלַעֲשׂוֹת כְּכֹל אֲשֶׁר צִוִּיתִיךָ וְחֻקַּי וּמִשְׁפָּטַי תִּשְׁמוֹר׃
יח וַהֲקִימוֹתִי אֵת כִּסֵּא מַלְכוּתֶךָ כַּאֲשֶׁר כָּרַתִּי לְדָוִיד אָבִיךָ
יט לֵאמֹר לֹא־יִכָּרֵת לְךָ אִישׁ מוֹשֵׁל בְּיִשְׂרָאֵל׃ וְאִם־תְּשׁוּבוּן
אַתֶּם וַעֲזַבְתֶּם חֻקּוֹתַי וּמִצְוֹתַי אֲשֶׁר נָתַתִּי לִפְנֵיכֶם וַהֲלַכְתֶּם
כ וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם לָהֶם׃ וּנְתַשְׁתִּים
מֵעַל אַדְמָתִי אֲשֶׁר־נָתַתִּי לָהֶם וְאֶת־הַבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר־
הִקְדַּשְׁתִּי לִשְׁמִי אַשְׁלִיךְ מֵעַל פָּנָי וְאֶתְּנֶנּוּ לְמָשָׁל וְלִשְׁנִינָה
כא בְּכָל־הָעַמִּים׃ וְהַבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר הָיָה עֶלְיוֹן לְכָל־עֹבֵר
עָלָיו יִשֹּׁם וְאָמַר בַּמֶּה עָשָׂה יְהוָה כָּכָה לָאָרֶץ הַזֹּאת
כב וְלַבַּיִת הַזֶּה׃ וְאָמְרוּ עַל אֲשֶׁר עָזְבוּ אֶת־יְהוָה ׀ אֱלֹהֵי
אֲבֹתֵיהֶם אֲשֶׁר הוֹצִיאָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם וַיַּחֲזִיקוּ בֵּאלֹהִים
אֲחֵרִים וַיִּשְׁתַּחֲווּ לָהֶם וַיַּעַבְדוּם עַל־כֵּן הֵבִיא עֲלֵיהֶם אֵת
כָּל־הָרָעָה הַזֹּאת׃

ח

א וַיְהִי מִקֵּץ ׀ עֶשְׂרִים שָׁנָה אֲשֶׁר בָּנָה שְׁלֹמֹה אֶת־בֵּית יְהוָה
ב וְאֶת־בֵּיתוֹ׃ וְהֶעָרִים אֲשֶׁר נָתַן חוּרָם לִשְׁלֹמֹה בָּנָה
ג שְׁלֹמֹה אֹתָם וַיּוֹשֶׁב שָׁם אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיֵּלֶךְ שְׁלֹמֹה
ד חֲמָת צוֹבָה וַיֶּחֱזַק עָלֶיהָ׃ וַיִּבֶן אֶת־תַּדְמֹר בַּמִּדְבָּר וְאֵת
ה כָּל־עָרֵי הַמִּסְכְּנוֹת אֲשֶׁר בָּנָה בַּחֲמָת׃ וַיִּבֶן אֶת־בֵּית חוֹרוֹן
הָעֶלְיוֹן וְאֶת־בֵּית חוֹרוֹן הַתַּחְתּוֹן עָרֵי מָצוֹר חוֹמוֹת דְּלָתַיִם
ו וּבְרִיחַ׃ וְאֶת־בַּעֲלָת וְאֵת כָּל־עָרֵי הַמִּסְכְּנוֹת אֲשֶׁר הָיוּ
לִשְׁלֹמֹה וְאֵת כָּל־עָרֵי הָרֶכֶב וְאֵת עָרֵי הַפָּרָשִׁים וְאֵת ׀

ח [1] און עס איז געווען צום סוף פון צוואַנציק יאָר וואָס שלמה האָט געבויט דאָס הויז פון גאָט, און זײַן הויז, [2] און די שטעט וואָס חורם האָט געגעבן שלמהן, זיי האָט שלמה געהאַט פאַרבויט, און דאָרטן באַזעצט די קינדער פון ישׂראל. [3] איז שלמה געגאַנגען קיין חֲמַת־צוֹבָה, און איז זי בײַגעקומען. [4] און ער האָט געבויט תַּדמוֹר אין דער מדבר, און אַלע שפּײַכלערשטעט וואָס ער האָט געבויט אין חֲמָת. [5] און ער האָט אָפּגעבויט די אויבערשטע בֵּית־חוֹרוֹן און די אונטערשטע בֵּית־חוֹרוֹן, פעסטונגשטעט מיט מויערן, טירן, און ריגלען; [6] און בַּעֲלָת, און אַלע שפּײַכלערשטעט וואָס שלמה האָט געהאַט, און אַלע שטעט פאַר רײַטוועגן, און שטעט פאַר רײַטער, און יעטוועדער

כָּל־חֵשֶׁק שְׁלֹמֹה אֲשֶׁר חָשַׁק לִבְנוֹת בִּירוּשָׁלַםִ וּבַלְּבָנוֹן
וּבְכֹל אֶרֶץ מֶמְשַׁלְתּוֹ׃ כָּל־הָעָם הַנּוֹתָר מִן־הַחִתִּי וְהָאֱמֹרִי ז
וְהַפְּרִזִּי וְהַחִוִּי וְהַיְבוּסִי אֲשֶׁר לֹא מִיִּשְׂרָאֵל הֵמָּה׃ מִן־ ח
בְּנֵיהֶם אֲשֶׁר נוֹתְרוּ אַחֲרֵיהֶם בָּאָרֶץ אֲשֶׁר לֹא־כִלּוּם בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲלֵם שְׁלֹמֹה לְמַס עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וּמִן־בְּנֵי ט
יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר לֹא־נָתַן שְׁלֹמֹה לַעֲבָדִים לִמְלַאכְתּוֹ כִּי
הֵמָּה אַנְשֵׁי מִלְחָמָה וְשָׂרֵי שָׁלִישָׁיו וְשָׂרֵי רִכְבּוֹ וּפָרָשָׁיו׃
וְאֵלֶּה שָׂרֵי הַנְּצִיבִים אֲשֶׁר־לַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה חֲמִשִּׁים וּמָאתָיִם י
הָרֹדִים בָּעָם׃ וְאֶת־בַּת־פַּרְעֹה הֶעֱלָה שְׁלֹמֹה מֵעִיר דָּוִיד יא
לַבַּיִת אֲשֶׁר בָּנָה־לָהּ כִּי אָמַר לֹא־תֵשֵׁב אִשָּׁה לִי בְּבֵית
דָּוִיד מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל כִּי־קֹדֶשׁ הֵמָּה אֲשֶׁר־בָּאָה אֲלֵיהֶם אֲרוֹן
יְהוָה׃ אָז הֶעֱלָה שְׁלֹמֹה עֹלוֹת לַיהוָה עַל מִזְבַּח יב
יְהוָה אֲשֶׁר בָּנָה לִפְנֵי הָאוּלָם׃ וּבִדְבַר־יוֹם בְּיוֹם לְהַעֲלוֹת יג
כְּמִצְוַת מֹשֶׁה לַשַּׁבָּתוֹת וְלֶחֳדָשִׁים וְלַמּוֹעֲדוֹת שָׁלוֹשׁ
פְּעָמִים בַּשָּׁנָה בְּחַג הַמַּצּוֹת וּבְחַג הַשָּׁבֻעוֹת וּבְחַג הַסֻּכּוֹת׃
וַיַּעֲמֵד כְּמִשְׁפַּט דָּוִיד־אָבִיו אֶת־מַחְלְקוֹת הַכֹּהֲנִים עַל־ יד
עֲבֹדָתָם וְהַלְוִיִּם עַל־מִשְׁמְרוֹתָם לְהַלֵּל וּלְשָׁרֵת נֶגֶד הַכֹּהֲנִים
לִדְבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ וְהַשּׁוֹעֲרִים בְּמַחְלְקוֹתָם לְשַׁעַר וָשָׁעַר
כִּי כֵן מִצְוַת דָּוִיד אִישׁ־הָאֱלֹהִים׃ וְלֹא סָרוּ מִצְוַת הַמֶּלֶךְ טו
עַל־הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם לְכָל־דָּבָר וְלָאֹצָרוֹת׃ וַתִּכֹּן כָּל־ טז
מְלֶאכֶת שְׁלֹמֹה עַד־הַיּוֹם מוּסַד בֵּית־יְהוָה וְעַד־כְּלֹתוֹ
שָׁלֵם בֵּית יְהוָה׃ אָז הָלַךְ שְׁלֹמֹה לְעֶצְיוֹן גֶּבֶר וְאֶל־ יז
אֵילוֹת עַל־שְׂפַת הַיָּם בְּאֶרֶץ אֱדוֹם׃ וַיִּשְׁלַח־לוֹ חוּרָם יח
בְּיַד־עֲבָדָיו אֳנִיּוֹת וַעֲבָדִים יוֹדְעֵי יָם וַיָּבֹאוּ עִם־עַבְדֵי
שְׁלֹמֹה אוֹפִירָה וַיִּקְחוּ מִשָּׁם אַרְבַּע־מֵאוֹת וַחֲמִשִּׁים כִּכַּר
זָהָב וַיָּבִיאוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה׃

י׳ יתיר י   יג׳ בס״א לשבתות ולחדשים ולמועדות ׳לוש ׳מים ׳נה
יח׳ יתיר ו

געלוסט וואָס שלמה האָט געגלוסט צו בויען אין ירושָלַיִם, און אויפן לבָנוֹן, און אין גאַנצן לאַנד פון זיין ממשלה.

7 דאָס גאַנצע פאָלק וואָס איז געבליבן פון דעם חִתּי, און דעם אֶמוֹרי, און דעם פּרִזי, און דעם חִוִי, און דעם יבוּסי, וואָס זיי זיינען ניט פון ישׂראל — 8 פון זייערע קינדער וואָס זיינען געבליבן נאָך זיי אין לאַנד, וואָס די קינדער פון ישׂראל האָבן זיי ניט פאַרלענדט — זיי האָט שלמה גענומען פאַר צינזקנעכט ביז אויף היינטיקן טאָג. 9 אָבער פון די קינדער פון ישׂראל האָט שלמה ניט גע־מאַכט פאַר קנעכט פאַר זיין אַרבעט; נאָר זיי זיינען געווען די מלחמה־לייט, און זיינע אויבערלצטע, און די האַרן איבער זיינע רייטוועגן און זיינע רייטער.

10 און דאָס זיינען געווען די הויפּטגעשטעלטע וואָס דער מלך שלמה האָט געהאַט: צוויי הונדערט און פופציק וואָס האָבן געוועלטיקט איבער דעם פאָלק.

11 און פּרעהס טאָכטער האָט שלמה אַרויפגעבראַכט פון דודס־שטאָט אין דעם הויז וואָס ער האָט פאַר איר געבויט, וואָרום ער האָט געזאָגט: מיינע אַ ווייב זאָל ניט וווינען אין דעם הויז פון דוד דעם מלך פון ישׂראל, וואָרום די [ערטער] זיינען הייליק, וויל צו זיי איז געקומען דער אָרון פון גאָט.

12 דענצמאָל האָט שלמה אויפגעבראַכט בראַנד־אָפּפער צו גאָט אויף דעם מזבח פון גאָט וואָס ער האָט געבויט פאַר דעם פאָדערהויז, 13 אַזוי ווי מע דאַרף אויפ־ברענגען טאָגטעגלעך לויט דעם געבאָט פון משהן, אין די שבתים, און אום ראש־חודש, און אין די יָום־טובים, דריי מאָל אין יאָר, אין דעם יָום־טוב פון מצות, און אין דעם יָום־טוב פון שבועות, און אין דעם יָום־טוב פון סוכות. 14 און ער האָט געשטעלט, לויט דעם געזעץ פון זיין פאָטער דודן, די אָפּטיילונגען פון די כֹּהנים אויף זייער דינסט, און די לוִיִם אויף זייערע וואַכן, אויף צו לויבן און צו טאָן דעם דינסט לעבן די כֹּהנים, לויט דעם טאָגטעגלעכן באַדאַרף; און די טויערלייט לויט זייערע אָפּטיילונגען בײַ איטלעכן טויער, וואָרום אַזוי איז געווען דער באַפעל פון דוד דעם געטלעכן מאַן. 15 און מע האָט זיך ניט אָפּגע־קערט פון דעם מלכס באַפעל צו די כֹּהנים און די לוִיִם וועגן יעטוועדער זאַך, און וועגן די שאַצן.

16 אַזוי איז צו שטאַנד געקומען שלמהס גאַנצע אַרבעט פון דעם טאָג וואָס דער גרונטפעסט איז געלייגט גע־וואָרן פאַר גאָטס הויז, און ביז ער האָט אין גאַנצן פאַרענדיקט דאָס הויז פון גאָט.

17 דענצמאָל איז שלמה געגאַנגען קיין עֶציוֹן־גֶבר און קיין אֵילוֹת אויפן ברעג ים אין לאַנד אֶדוֹם. 18 און חורם האָט אים געשיקט דורך דער האַנט פון זיינע קנעכט שיפן, און קנעכט וואָס קענען דעם ים, און זיי זיינען געקומען מיט שלמהס קנעכט קיין אוֹפיר, און האָבן גענומען פון דאָרטן פיר הונדערט און פופציק צענטנער גאָלד, און גע־בראַכט צום מלך שלמה.

ט

א וּמַלְכַּת־שְׁבָא שָׁמְעָה אֶת־שֵׁמַע שְׁלֹמֹה וַתָּבוֹא לְנַסּוֹת
אֶת־שְׁלֹמֹה בְחִידוֹת בִּירוּשָׁלַםִ בְּחַיִל כָּבֵד מְאֹד וּגְמַלִּים
נֹשְׂאִים בְּשָׂמִים וְזָהָב לָרֹב וְאֶבֶן יְקָרָה וַתָּבוֹא אֶל־שְׁלֹמֹה
ב וַתְּדַבֵּר עִמּוֹ אֵת כָּל־אֲשֶׁר הָיָה עִם־לְבָבָהּ׃ וַיַּגֶּד־לָהּ
שְׁלֹמֹה אֶת־כָּל־דְּבָרֶיהָ וְלֹא־נֶעְלַם דָּבָר מִשְּׁלֹמֹה אֲשֶׁר
ג לֹא הִגִּיד לָהּ׃ וַתֵּרֶא מַלְכַּת־שְׁבָא אֵת חָכְמַת שְׁלֹמֹה
ד וְהַבַּיִת אֲשֶׁר בָּנָה׃ וּמַאֲכַל שֻׁלְחָנוֹ וּמוֹשַׁב עֲבָדָיו וּמַעֲמַד
מְשָׁרְתָיו וּמַלְבּוּשֵׁיהֶם וּמַשְׁקָיו וּמַלְבּוּשֵׁיהֶם וַעֲלִיָּתוֹ אֲשֶׁר
ה יַעֲלֶה בֵּית יְהוָה וְלֹא־הָיָה עוֹד בָּהּ רוּחַ׃ וַתֹּאמֶר אֶל־
הַמֶּלֶךְ אֱמֶת הַדָּבָר אֲשֶׁר שָׁמַעְתִּי בְּאַרְצִי עַל־דְּבָרֶיךָ
ו וְעַל־חָכְמָתֶךָ׃ וְלֹא־הֶאֱמַנְתִּי לְדִבְרֵיהֶם עַד אֲשֶׁר־בָּאתִי
וַתִּרְאֶינָה עֵינַי וְהִנֵּה לֹא הֻגַּד־לִי חֲצִי מַרְבִּית חָכְמָתֶךָ
ז יָסַפְתָּ עַל־הַשְּׁמוּעָה אֲשֶׁר שָׁמָעְתִּי׃ אַשְׁרֵי אֲנָשֶׁיךָ וְאַשְׁרֵי
עֲבָדֶיךָ אֵלֶּה הָעֹמְדִים לְפָנֶיךָ תָּמִיד וְשֹׁמְעִים אֶת־חָכְמָתֶךָ׃
ח יְהִי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בָּרוּךְ אֲשֶׁר ׀ חָפֵץ בְּךָ לְתִתְּךָ עַל־
כִּסְאוֹ לְמֶלֶךְ לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּאַהֲבַת אֱלֹהֶיךָ אֶת־יִשְׂרָאֵל
לְהַעֲמִידוֹ לְעוֹלָם וַיִּתֶּנְךָ עֲלֵיהֶם לְמֶלֶךְ לַעֲשׂוֹת מִשְׁפָּט
ט וּצְדָקָה׃ וַתִּתֵּן לַמֶּלֶךְ מֵאָה וְעֶשְׂרִים ׀ כִּכַּר זָהָב וּבְשָׂמִים
לָרֹב מְאֹד וְאֶבֶן יְקָרָה וְלֹא הָיָה כַּבֹּשֶׂם הַהוּא אֲשֶׁר
י נָתְנָה מַלְכַּת־שְׁבָא לַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה׃ וְגַם עַבְדֵי חוּרָם
וְעַבְדֵי שְׁלֹמֹה אֲשֶׁר־הֵבִיאוּ זָהָב מֵאוֹפִיר הֵבִיאוּ עֲצֵי
יא אַלְגּוּמִּים וְאֶבֶן יְקָרָה׃ וַיַּעַשׂ הַמֶּלֶךְ אֶת־עֲצֵי הָאַלְגּוּמִּים
מְסִלּוֹת לְבֵית־יְהוָה וּלְבֵית הַמֶּלֶךְ וְכִנֹּרוֹת וּנְבָלִים לַשָּׁרִים
יב וְלֹא־נִרְאוּ כָהֵם לְפָנִים בְּאֶרֶץ יְהוּדָה׃ וְהַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה
נָתַן לְמַלְכַּת־שְׁבָא אֶת־כָּל־חֶפְצָהּ אֲשֶׁר שָׁאָלָה מִלְּבַד
אֲשֶׁר־הֵבִיאָה אֶל־הַמֶּלֶךְ וַתַּהֲפֹךְ וַתֵּלֶךְ לְאַרְצָהּ הִיא

י׳ חורם קרי   י׳ יא׳ דגש אחר שורק

ט 1 און די מלכה פון שבאָ האָט געהערט די הערונג
פון שלמהן, און זי איז געקומען צו פּרוּוון שלמהן
מיט רעטענישן, קיין ירושלים, מיט זייער אַ גרויסער מחנה,
און קעמלען אָנגעלאָדן מיט בשׂמים און גאָלד לרוב, און
טייער געשטיין. און זי איז געקומען צו שלמהן, און האָט
גערעדט צו אים וועגן אַלץ וואָס איז געווען בײַ איר אין
האַרצן. 2 און שלמה האָט איר געזאָגט אַלע אירע זאַכן,
און ניט געווען אַ זאַך פאַרהוילן פון שלמהן, וואָס ער זאָל
איר ניט זאָגן. 3 און די מלכה פון שבאָ האָט געזען די
חכמה פון שלמהן, און דאָס הויז וואָס ער האָט געבויט,
4 און דאָס עסן פון זײַן טיש, און דאָס זיצן פון זײַנע הויפ־
דינער, און דאָס שטיין פון זײַנע משרתים מיט זייערע
מלבושים, און זײַנע טראַנקמײַנסטערס מיט זייערע
מלבושים, און זײַן אַרויפגאַנג וואָס ער פלעגט אַרויפגיין
צו גאָטס הויז, און אין איר איז מער ניט געבליבן קיין
אָטעם. 5 און זי האָט געזאָגט צום מלך: אמת איז דער
קלאַנג וואָס איך האָב געהערט אין מײַן לאַנד וועגן דײַנע
פירונגען און וועגן דײַן חכמה. 6 און איך האָב ניט גע־
גלויבט זייערע ווערטער, ביז איך בין געקומען, און מײַנע
אויגן האָבן געזען; ערשט מיר איז צומאָל אַ העלפט ניט
דערציילט געוואָרן פון דײַן גרויס חכמה; דו שטײַגסט
אַריבער די הערונג וואָס איך האָב געהערט. 7 ווויל צו
דײַנע לײַט, און ווויל צו די דאָזיקע קנעכט דײַנע וואָס
שטייען פאַר דיר תּמיד, און הערן דײַן חכמה. 8 געלויבט איז יהוה דײַן גאָט וואָס ער האָט דיך באַגערט דיך אַרויפ־
צוזעצן אויף זײַן טראָן פאַר אַ מלך פון יהוה דײַן גאָט. ווײַל דײַן גאָט האָט ליב ישׂראל, כּדי אים אויפצושטעלן
אויף אייביק, דרום האָט ער דיך געמאַכט פאַר אַ מלך איבער זיי, צו טאָן רעכט און גערעכטיקייט.
9 און זי האָט געגעבן דעם מלך הונדערט און צוואַנציק צענטנער גאָלד, און בשׂמים זייער פיל, און טייער גע־
שטיין; און קיינמאָל איז ניט געווען אַזעלכע בשׂמים ווי יענע וואָס די מלכה פון שבאָ האָט געגעבן שלמה המלך.
10 און אויך די קנעכט פון חורמען, און די קנעכט פון שלמהן, וואָס האָבן געבראַכט גאָלד פון אופיר, האָבן
געבראַכט סאַנדאַלהאָלץ און טייערע שטיינער. 11 און דער מלך האָט געמאַכט פון דעם סאַנדאַלהאָלץ שטעגן פאַר
דעם הויז פון גאָט, און פאַר דעם הויז פון מלך, און האַרפן און גיטאַרן פאַר די זינגערס; און אַזוי־וואָס איז ניט גע־
זען געוואָרן פריער אין לאַנד יהודה.
12 און שלמה המלך האָט געגעבן דער מלכה פון שבאָ אַלע אירע באַגערן וואָס זי האָט פאַרלאַנגט, אַחוץ פאַר דעם
וואָס זי האָט געבראַכט דעם מלך. און זי האָט זיך אומגעקערט, און איז אַוועקגעגאַנגען אין איר לאַנד, זי מיט אירע קנעכט.

יג וַעֲבָדָיו׃ וַיְהִי מִשְׁקַל הַזָּהָב אֲשֶׁר־בָּא לִשְׁלֹמֹה
יד בְּשָׁנָה אֶחָת שֵׁשׁ מֵאוֹת וְשִׁשִּׁים וָשֵׁשׁ כִּכְּרֵי זָהָב׃ לְבַד
מֵאַנְשֵׁי הַתָּרִים וְהַסֹּחֲרִים מְבִיאִים וְכָל־מַלְכֵי עֲרַב וּפַחוֹת
טו הָאָרֶץ מְבִיאִים זָהָב וָכֶסֶף לִשְׁלֹמֹה׃ וַיַּעַשׂ הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה
מָאתַיִם צִנָּה זָהָב שָׁחוּט שֵׁשׁ מֵאוֹת זָהָב שָׁחוּט יַעֲלֶה
טז עַל־הַצִּנָּה הָאֶחָת׃ וּשְׁלֹשׁ־מֵאוֹת מָגִנִּים זָהָב שָׁחוּט שְׁלֹשׁ
מֵאוֹת זָהָב יַעֲלֶה עַל־הַמָּגֵן הָאֶחָת וַיִּתְּנֵם הַמֶּלֶךְ בְּבֵית
יז יַעַר הַלְּבָנוֹן׃ וַיַּעַשׂ הַמֶּלֶךְ כִּסֵּא־שֵׁן גָּדוֹל וַיְצַפֵּהוּ זָהָב
יח טָהוֹר׃ וְשֵׁשׁ מַעֲלוֹת לַכִּסֵּא וְכֶבֶשׁ בַּזָּהָב לַכִּסֵּא מָאֳחָזִים
וְיָדוֹת מִזֶּה וּמִזֶּה עַל־מְקוֹם הַשָּׁבֶת וּשְׁנַיִם אֲרָיוֹת עֹמְדִים
יט אֵצֶל הַיָּדוֹת׃ וּשְׁנַיִם עָשָׂר אֲרָיוֹת עֹמְדִים שָׁם עַל־שֵׁשׁ
כ הַמַּעֲלוֹת מִזֶּה וּמִזֶּה לֹא־נַעֲשָׂה כֵן לְכָל־מַמְלָכָה׃ וְכֹל
כְּלֵי מַשְׁקֵה הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה זָהָב וְכֹל כְּלֵי בֵית־יַעַר הַלְּבָנוֹן
כא זָהָב סָגוּר אֵין כֶּסֶף נֶחְשָׁב בִּימֵי שְׁלֹמֹה לִמְאוּמָה׃ כִּי־
אֳנִיּוֹת לַמֶּלֶךְ הֹלְכוֹת תַּרְשִׁישׁ עִם עַבְדֵי חוּרָם אַחַת
לְשָׁלוֹשׁ שָׁנִים תָּבוֹאנָה ׀ אֳנִיּוֹת תַּרְשִׁישׁ נֹשְׂאוֹת זָהָב וָכֶסֶף
כב שֶׁנְהַבִּים וְקוֹפִים וְתוּכִּיִּים׃ וַיַּגְדֵּל הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה מִכֹּל
כג מַלְכֵי הָאָרֶץ לְעֹשֶׁר וְחָכְמָה׃ וְכֹל מַלְכֵי הָאָרֶץ מְבַקְשִׁים
אֶת־פְּנֵי שְׁלֹמֹה לִשְׁמֹעַ אֶת־חָכְמָתוֹ אֲשֶׁר־נָתַן הָאֱלֹהִים
כד בְּלִבּוֹ׃ וְהֵם מְבִיאִים אִישׁ מִנְחָתוֹ כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב
וּשְׂלָמוֹת נֵשֶׁק וּבְשָׂמִים סוּסִים וּפְרָדִים דְּבַר־שָׁנָה בְּשָׁנָה׃
כה וַיְהִי לִשְׁלֹמֹה אַרְבַּעַת אֲלָפִים אֻרְיוֹת סוּסִים
וּמַרְכָּבוֹת וּשְׁנֵים־עָשָׂר אֶלֶף פָּרָשִׁים וַיַּנִּיחֵם בְּעָרֵי הָרֶכֶב
כו וְעִם־הַמֶּלֶךְ בִּירוּשָׁלִָם׃ וַיְהִי מוֹשֵׁל בְּכָל־הַמְּלָכִים מִן־
כז הַנָּהָר וְעַד־אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים וְעַד גְּבוּל מִצְרָיִם׃ וַיִּתֵּן הַמֶּלֶךְ
אֶת־הַכֶּסֶף בִּירוּשָׁלִַם כָּאֲבָנִים וְאֵת הָאֲרָזִים נָתַן כַּשִּׁקְמִים
כח אֲשֶׁר־בַּשְּׁפֵלָה לָרֹב׃ וּמוֹצִיאִים סוּסִים מִמִּצְרַיִם לִשְׁלֹמֹה

כ׳ ס״א וְכָל־ כא׳ שורק עם הדגש

[13] און די וואָג פון דעם גאָלד וואָס איז אַריינגעקומען שלמהן אין איין יאָר, איז געווען זעקס הונדערט און זעקס און זעכציק צענטנער גאָלד, [14] אַחוץ וואָס די אַרומפאָרער און די סוחרים האָבן געבראַכט; און אַלע מלכים פון אַראַביע, און די לאַנדפירשטן האָבן שלמהן געבראַכט גאָלד און זילבער.

[15] און שלמה המלך האָט געמאַכט צוויי הונדערט פאַנצערס פון געשלאָגענעם גאָלד; זעקס הונדערט שֶקל געשלאָגענע גאָלד איז אַוועק אויף איין פאַנצער. [16] און דריי הונדערט שילדן פון געשלאָגענעם גאָלד; דריי הונדערט גאָלדשטיק איז אַוועק אויף איין שילד. און דער מלך האָט זיי אַריינגעשטעלט אין דעם הויז פון לבָנוֹן־וואַלד.

[17] און דער מלך האָט געמאַכט אַ גרויסן טראָן פון עלפנביין, און האָט אים איבערגעצויגן מיט ריינעם גאָלד. [18] און זעקס טרעפּ זיינען געווען צום טראָן, און אַ גילדערן פוסבענקל, באַפעסטיקט צום טראָן; און הענטלעך זיינען געווען אויף ביידע זייטן פון דעם אָרט צום זיצן, און צוויי לייבן זיינען געשטאַנען ביי די הענטלעך. [19] און צוועלף לייבן זיינען דאָרטן געשטאַנען אויף די זעקס טרעפּ, פון דער זייט און פון דער אַנדער זייט. אַזוי־וואָס איז ניט געמאַכט געוואָרן אין קיין קיניגרייך.

[20] און אַלע טרינק־כלים פון שלמה המלך זיינען געווען פון גאָלד, און אַלע כלים פון דעם הויז פון לבָנוֹן־וואַלד זיינען געווען פון עכטן גאָלד; זילבער האָט זיך אין די טעג פון שלמהן גערעכנט פאַר גאָרנישט. [21] וואָרום דער מלך האָט געהאַט שיפן וואָס זיינען געגאַנגען קיין תַּרשיש מיט די קנעכט פון חוּרָמען. איין מאָל אין דריי יאָר פלעגן די תַּרשיש־שיפן קומען אָנגעלאָדן מיט גאָלד און זילבער, עלפנביין, און מאַלפּעס, און פּאַוועס.

[22] און שלמה המלך איז געווען גרעסער פון אַלע מלכים פון דער ערד אין עוֹשר און חכמה. [23] און אַלע מלכים פון דער ערד האָבן געזוכט שלמהס פּנים, כדי צו הערן זיין חכמה וואָס גאָט האָט אַריינגעגעבן אין זיין האַרצן. [24] און זיי האָבן געבראַכט איטלעכער זיין מתנה, זילבערנע כלים, און גילדערנע כלים, און קליידער, וואָפן, און בשׂמים, פערד און מוילאייזלען, יאָר אין יאָר.

[25] און שלמה האָט געהאַט פיר טויזנט שטאַלן פערד און רייטוועגן, און צוועלף טויזנט רייטער, און ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין די שטעט פאַר רייטוועגן, און ביים מלך אין ירושָלַיִם.

[26] און ער האָט געוועלטיקט איבער אַלע מלכים, פון דעם טייך און ביזן לאַנד פלשתים, און ביז דעם געמאַרק פון מִצרַיִם. [27] און דער מלך האָט געמאַכט זילבער אין ירושָלַיִם אַזוי ווי די שטיינער, און צעדערן האָט ער געמאַכט אַזוי ווי די ווילדע פייגנביימער וואָס אין דער נידערונג, אין פילקייט. [28] און פערד האָט מען אַרויסגעבראַכט שלמהן פון מִצרַיִם און פון אַלע לענדער.

כט וּמִכָּל־הָאֲרָצוֹת׃ וּשְׁאָר דִּבְרֵי שְׁלֹמֹה הָרִאשֹׁנִים וְהָאַחֲרוֹנִים
הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־דִּבְרֵי נָתָן הַנָּבִיא וְעַל־נְבוּאַת אֲחִיָּה
ל הַשִּׁילוֹנִי וּבַחֲזוֹת יֶעְדִּי הַחֹזֶה עַל־יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט׃ וַיִּמְלֹךְ
לא שְׁלֹמֹה בִירוּשָׁלַיִם עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל אַרְבָּעִים שָׁנָה׃ וַיִּשְׁכַּב
שְׁלֹמֹה עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקְבְּרֻהוּ בְּעִיר דָּוִיד אָבִיו וַיִּמְלֹךְ רְחַבְעָם
בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃

י

א וַיֵּלֶךְ רְחַבְעָם שְׁכֶמָה כִּי שְׁכֶם בָּאוּ כָל־יִשְׂרָאֵל לְהַמְלִיךְ
ב אֹתוֹ׃ וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט וְהוּא בְמִצְרַיִם אֲשֶׁר
ג בָּרַח מִפְּנֵי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ וַיָּשָׁב יָרָבְעָם מִמִּצְרָיִם׃ וַיִּשְׁלְחוּ
וַיִּקְרְאוּ־לוֹ וַיָּבֹא יָרָבְעָם וְכָל־יִשְׂרָאֵל וַיְדַבְּרוּ אֶל־רְחַבְעָם
ד לֵאמֹר׃ אָבִיךָ הִקְשָׁה אֶת־עֻלֵּנוּ וְעַתָּה הָקֵל מֵעֲבוֹדַת
אָבִיךָ הַקָּשָׁה וּמֵעֻלּוֹ הַכָּבֵד אֲשֶׁר־נָתַן עָלֵינוּ וְנַעַבְדֶךָּ׃
ה וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם עוֹד שְׁלֹשֶׁת יָמִים וְשׁוּבוּ אֵלָי וַיֵּלֶךְ הָעָם׃
ו וַיִּוָּעַץ הַמֶּלֶךְ רְחַבְעָם אֶת־הַזְּקֵנִים אֲשֶׁר־הָיוּ עֹמְדִים לִפְנֵי
שְׁלֹמֹה אָבִיו בִּהְיֹתוֹ חַי לֵאמֹר אֵיךְ אַתֶּם נוֹעָצִים לְהָשִׁיב
ז לָעָם־הַזֶּה דָּבָר׃ וַיְדַבְּרוּ אֵלָיו לֵאמֹר אִם־תִּהְיֶה לְטוֹב
לְהָעָם הַזֶּה וּרְצִיתָם וְדִבַּרְתָּ אֲלֵהֶם דְּבָרִים טוֹבִים וְהָיוּ
ח לְךָ עֲבָדִים כָּל־הַיָּמִים׃ וַיַּעֲזֹב אֶת־עֲצַת הַזְּקֵנִים אֲשֶׁר
יְעָצֻהוּ וַיִּוָּעַץ אֶת־הַיְלָדִים אֲשֶׁר גָּדְלוּ אִתּוֹ הָעֹמְדִים לְפָנָיו׃
ט וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם מָה אַתֶּם נוֹעָצִים וְנָשִׁיב דָּבָר אֶת־הָעָם
הַזֶּה אֲשֶׁר דִּבְּרוּ אֵלַי לֵאמֹר הָקֵל מִן־הָעֹל אֲשֶׁר־נָתַן אָבִיךָ
י עָלֵינוּ׃ וַיְדַבְּרוּ אִתּוֹ הַיְלָדִים אֲשֶׁר גָּדְלוּ אִתּוֹ לֵאמֹר כֹּה
תֹאמַר לָעָם אֲשֶׁר־דִּבְּרוּ אֵלֶיךָ לֵאמֹר אָבִיךָ הִכְבִּיד אֶת־
עֻלֵּנוּ וְאַתָּה הָקֵל מֵעָלֵינוּ כֹּה תֹּאמַר אֲלֵהֶם קָטָנִּי עָבָה
יא מִמָּתְנֵי אָבִי׃ וְעַתָּה אָבִי הֶעְמִיס עֲלֵיכֶם עֹל כָּבֵד וַאֲנִי
אֹסִף עַל־עֻלְּכֶם אָבִי יִסַּר אֶתְכֶם בַּשּׁוֹטִים וַאֲנִי בָּעַקְרַבִּים׃

ט, כט׳ יעדו קרי

29 און די איבעריקע זאַכן וועגן שלמהן, די ערשטע אַזוי ווי די לעצטע, זיי זיינען שוין באַשריבן אין די ווערטער פון נָתָן דעם נביא, און אין דער נבואה פון אַחִיָּה פון שילוֹ, און אין דער זעאונג פון יֶעדוֹ דעם זעער וועגן יָרָבעָם דעם זון פון נבָטן.

30 און שלמה האָט געקיניגט אין ירושָלַיִם איבער גאַנץ ישׂראל פערציק יאָר.

31 און שלמה האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און מע האָט אים באַגראָבן אין דער שטאָט פון זיין פאָטער דודן; און זיין זון רחַבעָם איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

י

1 און רחַבעָם איז געגאַנגען קיין שכֶם, וואָרום קיין שכֶם זיינען געקומען גאַנץ ישׂראל אים צו מאַכן פאַר אַ מלך.

2 און עס איז געווען, אַז יָרָבעָם דער זון פון נבָטן האָט דאָס געהערט — וואָרום ער איז געווען אין מִצרַיִם, וווּהין ער איז אַנטלאָפן פון דעם מלך שלמה — האָט זיך יָרָבעָם אומגעקערט פון מִצרַיִם. 3 און ויי האָבן געשיקט און אים גערופן; און יָרָבעָם און גאַנץ ישׂראל זיינען געקומען, און האָבן גערעדט צו רחַבעָמען, אַזוי צו זאָגן: 4 דיין פאָטער האָט שווער געמאַכט אונדזער יאָך, און אַצונד פאַרגרינגער דעם האַרטן דינסט פון דיין פאָטער, וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט אויף אונדז, און מיר וועלן דיר דינען. 5 האָט ער צו ויי געזאָגט: קומט ווידער צו מיר אין דריי טעג אַרום. און דאָס פאָלק איז אַוועקגעגאַנגען.

6 האָט דער מלך רחַבעָם זיך געעַצהט מיט די זקנים וואָס זיינען געשטאַנען פאַר זיין פאָטער שלמהן, ווען ער האָט געלעבט, אַזוי צו זאָגן: ווי עצהט איר צו געבן אַן ענטפער דעמדאָזיקן פאָלק? 7 האָבן זיי צו אים גערעדט, אַזוי צו זאָגן: אויב דו וועסט גיין מיט גוטן מיט דעמדאָזיקן פאָלק, און וועסט זיי באַוויליקן, און וועסט רעדן צו זיי גוטע רייד, וועלן זיי דיר זיין קנעכט אויף אַלע טעג.

8 אָבער ער האָט פאַרלאָזן די עצה פון די זקנים וואָס זיי האָבן אים געעַצהט, און ער האָט זיך געעַצהט מיט די יינגלעך וואָס זיינען אויפגעוואַקסן מיט אים, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר אים. 9 און ער האָט צו זיי געזאָגט: וואָס עצהט איר, מיר זאָלן געבן אַן ענטפער דעמדאָזיקן פאָלק, וואָס האָט צו מיר גערעדט, אַזוי צו זאָגן: פאַרגרינגער דעם יאָך וואָס דיין פאָטער האָט אַרויפגעלייגט אויף אונדז? 10 האָבן צו אים גערעדט די יינגלעך וואָס זיינען אויפגעוואַקסן מיט אים, אַזוי צו זאָגן: אַזוי זאָלסטו זאָגן צו דעם פאָלק וואָס האָט צו דיר גערעדט, אַזוי צו זאָגן: „דיין פאָטער האָט שווער געמאַכט אונדזער יאָך, דרום פאַרגרינגער דו אונדז" — אַזוי זאָלסטו זאָגן צו זיי: מיין מינדסטער פינגער איז דיקער פון מיין פאָטערס לענדן. 11 און אַצונד, מיין פאָטער האָט אויף אייך אַרויפגעלאָדן אַ שווערן יאָך, און איך וועל נאָך צולייגן צו אייער יאָך; מיין פאָטער האָט אייך געשטראָפט מיט ריטער, און איך — מיט דערנער.

וַיָּבוֹא יָרָבְעָם וְכָל־הָעָם אֶל־רְחַבְעָם בַּיּוֹם הַשְּׁלִשִׁי כַּאֲשֶׁר יב
דִּבֶּר הַמֶּלֶךְ לֵאמֹר שׁוּבוּ אֵלַי בַּיּוֹם הַשְּׁלִשִׁי׃ וַיַּעֲנֵם הַמֶּלֶךְ יג
קָשָׁה וַיַּעֲזֹב הַמֶּלֶךְ רְחַבְעָם אֵת עֲצַת הַזְּקֵנִים׃ וַיְדַבֵּר יד
אֲלֵהֶם כַּעֲצַת הַיְלָדִים לֵאמֹר אַכְבִּיד אֶת־עֻלְּכֶם
וַאֲנִי אֹסִיף עָלָיו אָבִי יִסַּר אֶתְכֶם בַּשּׁוֹטִים וַאֲנִי בָּעַקְרַבִּים׃
וְלֹא־שָׁמַע הַמֶּלֶךְ אֶל־הָעָם כִּי־הָיְתָה נְסִבָּה מֵעִם הָאֱלֹהִים טו
לְמַעַן הָקִים יְהוָה אֶת־דְּבָרוֹ אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּיַד אֲחִיָּהוּ
הַשִּׁלוֹנִי אֶל־יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט׃ וְכָל־יִשְׂרָאֵל כִּי לֹא־ טז
שָׁמַע הַמֶּלֶךְ לָהֶם וַיָּשִׁיבוּ הָעָם ׀ אֶת־הַמֶּלֶךְ ׀ לֵאמֹר מַה־
לָּנוּ חֵלֶק בְּדָוִיד וְלֹא־נַחֲלָה בְּבֶן־יִשַׁי אִישׁ לְאֹהָלֶיךָ יִשְׂרָאֵל
עַתָּה רְאֵה בֵיתְךָ דָּוִיד וַיֵּלֶךְ כָּל־יִשְׂרָאֵל לְאֹהָלָיו׃ וּבְנֵי יז
יִשְׂרָאֵל הַיֹּשְׁבִים בְּעָרֵי יְהוּדָה וַיִּמְלֹךְ עֲלֵיהֶם רְחַבְעָם׃
וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ רְחַבְעָם אֶת־הֲדֹרָם אֲשֶׁר עַל־הַמַּס יח
וַיִּרְגְּמוּ־בוֹ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶבֶן וַיָּמֹת וְהַמֶּלֶךְ רְחַבְעָם הִתְאַמֵּץ
לַעֲלוֹת בַּמֶּרְכָּבָה לָנוּס יְרוּשָׁלִָם׃ וַיִּפְשְׁעוּ יִשְׂרָאֵל יט
בְּבֵית דָּוִיד עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃

## יא

וַיָּבֹא רְחַבְעָם יְרוּשָׁלִַם וַיַּקְהֵל אֶת־בֵּית יְהוּדָה וּבִנְיָמִן א
מֵאָה וּשְׁמוֹנִים אֶלֶף בָּחוּר עֹשֵׂה מִלְחָמָה לְהִלָּחֵם עִם־
יִשְׂרָאֵל לְהָשִׁיב אֶת־הַמַּמְלָכָה לִרְחַבְעָם׃ וַיְהִי ב
דְּבַר־יְהוָה אֶל־שְׁמַעְיָהוּ אִישׁ־הָאֱלֹהִים לֵאמֹר׃ אֱמֹר ג
אֶל־רְחַבְעָם בֶּן־שְׁלֹמֹה מֶלֶךְ יְהוּדָה וְאֶל כָּל־יִשְׂרָאֵל
בִּיהוּדָה וּבִנְיָמִן לֵאמֹר׃ כֹּה אָמַר יְהוָה לֹא תַעֲלוּ וְלֹא ד
תִלָּחֲמוּ עִם־אֲחֵיכֶם שׁוּבוּ אִישׁ לְבֵיתוֹ כִּי מֵאִתִּי נִהְיָה
הַדָּבָר הַזֶּה וַיִּשְׁמְעוּ אֶת־דִּבְרֵי יְהוָה וַיָּשֻׁבוּ מִלֶּכֶת אֶל־
יָרָבְעָם׃ וַיֵּשֶׁב רְחַבְעָם בִּירוּשָׁלִָם וַיִּבֶן עָרִים לְמָצוֹר ה
בִּיהוּדָה׃ וַיִּבֶן אֶת־בֵּית־לֶחֶם וְאֶת־עֵיטָם וְאֶת־תְּקוֹעַ׃ ו
וְאֶת־בֵּית־צוּר וְאֶת־שׂוֹכוֹ וְאֶת־עֲדֻלָּם׃ וְאֶת־גַּת וְאֶת־ ז ח

י, יד׳ בס״א ,אָבִי הִכְ׳ טז׳ בס״א ׳אֱהָ׳ ראו, ואינו אלא תקון.

12 אָון יָרָבעָם אָון דאָס גאַנצע פאָלק זיינען געקומען צו רחַבעָמען אויפן דריטן טאָג, אַזוי ווי דער מלך האָט געהייסן, אַזוי צו זאָגן: קומט ווידער צו מיר אויפן דריטן טאָג. 13 אָון דער מלך האָט זיי געענטפערט האַרט, אָון דער מלך רחַבעָם האָט פאַרלאָזן די עצה פון די זקנים. 14 אָון ער האָט צו זיי גערעדט אַזוי ווי די עצה פון די יִנגלעך, אַזוי צו זאָגן: מיין פאָטער האָט שווער געמאַכט אַייער יאָך, אָון איך וועל נאָך צולייגן צו אים; מיין פאָטער האָט אַייך געשטראָפט מיט ריטער, אָון איך–מיט דערנער.

15 אָון דער מלך האָט זיך ניט צוגעהערט צום פאָלק, וואָרום דאָס איז געווען באַשערט פון גאָט, כּדי גאָט זאָל מקיים זיין זיין וואָרט, וואָס ער האָט גערעדט דורך אַחִיָהן פון שילו, צו יָרָבעָם דעם זון פון נבָטן.

16 אָון ווי גאַנץ ישׂראל האָבן געזען, אַז דער מלך האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיי, האָט דאָס גאַנצע פאָלק געענטפערט דעם מלך, אַזוי צו זאָגן:

מיר האָבן ניט קיין חלק אין דודן,
אָון קיין ירושה אין דעם זון פון יִשַין.
איטלעכער צו דיינע געצעלטן, ישׂראל!
אַצונד קוק זיך אום אויף דיין הויז, דוד!

אָון גאַנץ ישׂראל איז אַוועקגעגאַנגען צו זיינע געצעלטן. 17 נאָר די קינדער פון ישׂראל וואָס זיינען געזעסן אין די שטעט פון יהודה, איבער זיי איז געבליבן מלך רחַבעָם.

18 אָון דער מלך רחַבעָם האָט אַרויסגעשיקט הַדוֹרָמען וואָס איבער דעם צינז, אָון די קינדער פון ישׂראל האָבן אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער, אָון ער איז געשטאָרבן. אָון דער מלך רחַבעָם האָט זיך געאַיילט אַרויפצוגיין אויף זיין רייטוואָגן, צו אַנטלויפן קיין ירושָלַיִם.

19 אָון ישׂראל האָט ווידערשפעניקט אָן דעם הויז פון דוד ביז אויף הייִנטיקן טאָג.

יא 1 אָון רחַבעָם איז געקומען קיין ירושָלַיִם, אָון ער האָט אַיינגעזאַמלט דאָס הויז פון יהודה אָון בנימין, הונדערט אָון אַכציק טויזנט געקליבענע קריגסלייט, מלחמה צו האַלטן מיט ישׂראל, כּדי אומצוקערן די מלוכה צו רחַבעָמען.

2 איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו שמַעיָה דעם געטלעכן מאַן, אַזוי צו זאָגן: 3 זאָג צו רחַבעָם דעם זון פון שלמהן, דעם מלך פון יהודה, אָון צו גאַנץ ישׂראל אין יהודה אָון בנימין, אַזוי צו זאָגן: 4 אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איר זאָלט ניט אַרויפגיין, אָון איר זאָלט ניט מלחמה האַלטן מיט אַייערע ברידער; קערט אַייך אום איטלעכער צו זיין הויז, וואָרום פון מיר איז געשען דידאָזיקע זאַך.

אָון זיי האָבן צוגעהערט די ווערטער פון גאָט, אָון האָבן זיך אומגעקערט פון צו גיין אויף יָרָבעָמען.

5 אָון רחַבעָם איז געזעסן אין ירושָלַיִם; אָון ער האָט געבויט שטעט פאַר פעסטונגען אין יהודה. 6 אָון ער האָט איבערגעבויט בֵּית־לֶחֶם, אָון עֵיטָם, אָון תקוֹעַ, 7 אָון בֵּית־צור, אָון שׂוֹכוֹ, אָון עַדוּלָם, 8 אָון גַת, אָון

ט מָרֵשָׁה וְאֶת־זִיף׃ וְאֶת־אֲדוֹרַיִם וְאֶת־לָכִישׁ וְאֶת־עֲזֵקָה׃
י וְאֶת־צָרְעָה וְאֶת־אַיָּלוֹן וְאֶת־חֶבְרוֹן אֲשֶׁר בִּיהוּדָה וּבְבִנְיָמִן
יא עָרֵי מְצֻרוֹת׃ וַיְחַזֵּק אֶת־הַמְּצֻרוֹת וַיִּתֵּן בָּהֶם נְגִידִים
יב וְאֹצְרוֹת מַאֲכָל וְשֶׁמֶן וָיָיִן׃ וּבְכָל־עִיר וָעִיר צִנּוֹת וּרְמָחִים
וַיְחַזְּקֵם לְהַרְבֵּה מְאֹד וַיְהִי־לוֹ יְהוּדָה וּבִנְיָמִן׃
יג וְהַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם אֲשֶׁר בְּכָל־יִשְׂרָאֵל הִתְיַצְּבוּ עָלָיו מִכָּל־
יד גְּבוּלָם׃ כִּי־עָזְבוּ הַלְוִיִּם אֶת־מִגְרְשֵׁיהֶם וַאֲחֻזָּתָם וַיֵּלְכוּ
לִיהוּדָה וְלִירוּשָׁלִָם כִּי־הִזְנִיחָם יָרָבְעָם וּבָנָיו מִכַּהֵן לַיהוָה׃
טו וַיַּעֲמֶד־לוֹ כֹּהֲנִים לַבָּמוֹת וְלַשְּׂעִירִים וְלָעֲגָלִים אֲשֶׁר עָשָׂה׃
טז וְאַחֲרֵיהֶם מִכֹּל שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל הַנֹּתְנִים אֶת־לְבָבָם לְבַקֵּשׁ
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל בָּאוּ יְרוּשָׁלִַם לִזְבּוֹחַ לַיהוָה אֱלֹהֵי
יז אֲבוֹתֵיהֶם׃ וַיְחַזְּקוּ אֶת־מַלְכוּת יְהוּדָה וַיְאַמְּצוּ אֶת־רְחַבְעָם
בֶּן־שְׁלֹמֹה לְשָׁנִים שָׁלוֹשׁ כִּי הָלְכוּ בְּדֶרֶךְ דָּוִיד וּשְׁלֹמֹה
יח לְשָׁנִים שָׁלוֹשׁ׃ וַיִּקַּח־לוֹ רְחַבְעָם אִשָּׁה אֶת־מָחֲלַת
יט בֶּן־יְרִימוֹת בֶּן־דָּוִיד *אֲבִיהַיִל בַּת־אֱלִיאָב בֶּן־יִשָׁי׃ וַתֵּלֶד
כ לוֹ בָּנִים אֶת־יְעוּשׁ וְאֶת־שְׁמַרְיָה וְאֶת־זָהַם׃ וְאַחֲרֶיהָ לָקַח
אֶת־מַעֲכָה בַּת־אַבְשָׁלוֹם וַתֵּלֶד לוֹ אֶת־אֲבִיָּה וְאֶת־עַתַּי
כא וְאֶת־זִיזָא וְאֶת־שְׁלֹמִית׃ וַיֶּאֱהַב רְחַבְעָם אֶת־מַעֲכָה בַת־
אַבְשָׁלוֹם מִכָּל־נָשָׁיו וּפִילַגְשָׁיו כִּי נָשִׁים שְׁמוֹנֶה־עֶשְׂרֵה
נָשָׂא וּפִילַגְשִׁים שִׁשִּׁים וַיּוֹלֶד עֶשְׂרִים וּשְׁמוֹנָה בָּנִים
כב וְשִׁשִּׁים בָּנוֹת׃ וַיַּעֲמֵד לָרֹאשׁ רְחַבְעָם אֶת־אֲבִיָּה בֶן־מַעֲכָה
כג לְנָגִיד בְּאֶחָיו כִּי לְהַמְלִיכוֹ׃ וַיָּבֶן וַיִּפְרֹץ מִכָּל־בָּנָיו לְכָל־
אַרְצוֹת יְהוּדָה וּבִנְיָמִן לְכֹל עָרֵי הַמְּצֻרוֹת וַיִּתֵּן לָהֶם
הַמָּזוֹן לָרֹב וַיִּשְׁאַל הֲמוֹן נָשִׁים׃

יב

א וַיְהִי כְּהָכִין מַלְכוּת רְחַבְעָם וּכְחֶזְקָתוֹ עָזַב אֶת־תּוֹרַת יְהוָה
ב וְכָל־יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ׃ וַיְהִי בַּשָּׁנָה הַחֲמִישִׁית לַמֶּלֶךְ

יא, טו׳ בס״א וְלַ׳ יח׳ בת קרי בס״א בת־אביהיל

מָרֵשָׁה, און זיף, 9 און אֲדוֹרַיִם, און לָכִישׁ, און עֲזֵקָה,
10 און צָרְעָה, און אַיָלוֹן, און חֶברוֹן, וואָס אין יהודה און
בנימין, אויף פעסטונגשטעט. 11 און ער האָט פאַר־
שטאַרקט די פעסטונגען, און האָט אַריינגעזעצט אין זיי
אָנפירער מיט שפּייכלערס עסנוואַרג און אייל און וויין.
12 און אין יעטוועדער שטאָט זיינען געווען פאַנצערס און
שפּיזן; און ער האָט זיי זייער שטאַרק באַפעסטיקט. און
יהודה און בנימין זיינען געבליבן ביי אים.
13 און די כֹּהנים און די לוִיִים וואָס אין גאַנץ ישׂראל
האָבן זיך געשטעלט פאַר אים פון זייער גאַנצן געמאַרק.
14 וואָרום די לוִיִים האָבן פאַרלאָזן זייערע אָפענע ערטער
און זייער אייגנטום, און זיינען אַוועק קיין יהודה און קיין
ירושָׁלַיִם, ווייל יָרָבְעָם און זיינע זין האָבן זיי פאַרשטויסן
פון צו טאָן דעם דינסט צו גאָט; 15 און ער האָט זיך גע־
שטעלט כֹּהנים צו די בָּמות, און צו די שדים, און צו די
קעלבער וואָס ער האָט געמאַכט. 16 און נאָך זיי, זיינען
פון אַלע שבטים פון ישׂראל וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער
האַרץ צו זוכן יהוה דעם גאָט פון ישׂראל, געקומען קיין
ירושָׁלַיִם, כּדי צו שלאַכטן צו יהוה דעם גאָט פון זייערע
עלטערן. 17 און זיי האָבן געשטאַרקט די מלוכה פון
יהודה, און האָבן באַפעסטיקט רחַבְעָם דעם זון פון
שלמהן, דריי יאָר; וואָרום זיי זיינען געגאַנגען אין דעם
וועג פון דודן און שלמהן דריי יאָר.
18 און רחַבְעָם האָט זיך גענומען פאַר אַ ווייב מַחלַת די טאָכטער פון ירימות דעם זון פון דודן, פון אַביהַיִל
דער טאָכטער פון אֱליאָב דעם זון פון יִשַׁין. 19 און זי האָט אים געבאָרן זין: יְעושן, און שמַרְיָהן, און זַהַמען. 20 און
נאָך איר האָט ער גענומען מַעֲכָה די טאָכטער פון אַבשָׁלומען, און זי האָט אים געבאָרן אֲבִיָהן, און עַתַּין, און זיזאָן,
און שלומיתן. 21 און רחַבְעָם האָט ליב געהאַט מַעֲכָה די טאָכטער פון אַבשָׁלומען מער פון אַלע זיינע ווייבער און
זיינע קעפּסווייבער; וואָרום אַכצן ווייבער האָט ער גענומען, און זעכציק קעפּסווייבער; און ער האָט געבאָרן אַכט
און צוואַנציק זין, און זעכציק טעכטער. 22 און רחַבְעָם האָט אויפגעשטעלט אַבִיָה דעם זון פון מַעֲכָהן פאַרן הויפּט,
פאַר דעם פירשט צווישן זיינע ברידער, וואָרום [זיין מיין איז געווען] אים צו מאַכן פאַר אַ מלך. 23 און ער האָט געטאָן
מיט שׂכל, און האָט צעשפּרייט אַלע זיינע זין איבער אַלע לענדער פון יהודה און בנימין, אין אַלע פעסטונגשטעט, און
ער האָט זיי געגעבן שפּייז לרוב; און ער האָט [פאַר זיי] אויסגעזוכט אַ סך ווייבער.

יב 1 און עס איז געווען, אַז רחַבְעָמס מלוכה האָט זיך באַפעסטיקט, און ער איז געוואָרן שטאַרק, האָט ער פאַרלאָזן
די תּורה פון גאָט, און גאַנץ ישׂראל מיט אים.
2 און עס איז געווען אין פינפטן יאָר פון דעם מלך רחַבְעָם, איז שישַׁק דער מלך פון מִצרַיִם אַרויפגעגאַנגען אויף

רְחַבְעָם עָלָה שִׁישַׁק מֶלֶךְ־מִצְרַיִם עַל־יְרוּשָׁלִָם כִּי מָעֲלוּ
בַּיהוָה׃ בְּאֶלֶף וּמָאתַיִם רֶכֶב וּבְשִׁשִּׁים אֶלֶף פָּרָשִׁים 3
וְאֵין מִסְפָּר לָעָם אֲשֶׁר־בָּאוּ עִמּוֹ מִמִּצְרַיִם לוּבִים סֻכִּיִּים
וְכוּשִׁים׃ וַיִּלְכֹּד אֶת־עָרֵי הַמְּצֻרוֹת אֲשֶׁר לִיהוּדָה וַיָּבֹא 4
עַד־יְרוּשָׁלִָם׃ וּשְׁמַעְיָה הַנָּבִיא בָּא אֶל־רְחַבְעָם 5
וְשָׂרֵי יְהוּדָה אֲשֶׁר־נֶאֶסְפוּ אֶל־יְרוּשָׁלִַם מִפְּנֵי שִׁישָׁק וַיֹּאמֶר
לָהֶם כֹּה־אָמַר יְהוָה אַתֶּם עֲזַבְתֶּם אֹתִי וְאַף־אֲנִי עָזַבְתִּי
אֶתְכֶם בְּיַד־שִׁישָׁק׃ וַיִּכָּנְעוּ שָׂרֵי־יִשְׂרָאֵל וְהַמֶּלֶךְ וַיֹּאמְרוּ 6
צַדִּיק ׀ יְהוָה׃ וּבִרְאוֹת יְהוָה כִּי נִכְנָעוּ הָיָה דְבַר־יְהוָה 7
אֶל־שְׁמַעְיָה ׀ לֵאמֹר נִכְנְעוּ לֹא אַשְׁחִיתֵם וְנָתַתִּי לָהֶם
כִּמְעַט לִפְלֵיטָה וְלֹא־תִתַּךְ חֲמָתִי בִּירוּשָׁלִַם בְּיַד־שִׁישָׁק׃
כִּי יִהְיוּ־לוֹ לַעֲבָדִים וְיֵדְעוּ עֲבוֹדָתִי וַעֲבוֹדַת מַמְלְכוֹת 8
הָאֲרָצוֹת׃ וַיַּעַל שִׁישַׁק מֶלֶךְ־מִצְרַיִם עַל־יְרוּשָׁלִַם 9
וַיִּקַּח אֶת־אֹצְרוֹת בֵּית־יְהוָה וְאֶת־אֹצְרוֹת בֵּית הַמֶּלֶךְ אֶת־
הַכֹּל לָקָח וַיִּקַּח אֶת־מָגִנֵּי הַזָּהָב אֲשֶׁר עָשָׂה שְׁלֹמֹה׃
וַיַּעַשׂ הַמֶּלֶךְ רְחַבְעָם תַּחְתֵּיהֶם מָגִנֵּי נְחֹשֶׁת וְהִפְקִיד עַל־ 10
יַד שָׂרֵי הָרָצִים הַשֹּׁמְרִים פֶּתַח בֵּית הַמֶּלֶךְ׃ וַיְהִי מִדֵּי־ 11
בוֹא הַמֶּלֶךְ בֵּית יְהוָה בָּאוּ הָרָצִים וּנְשָׂאוּם וֶהֱשִׁבוּם
אֶל־תָּא הָרָצִים׃ וּבְהִכָּנְעוֹ שָׁב מִמֶּנּוּ אַף־יְהוָה וְלֹא 12
לְהַשְׁחִית לְכָלָה וְגַם בִּיהוּדָה הָיָה דְּבָרִים טוֹבִים׃
וַיִּתְחַזֵּק הַמֶּלֶךְ רְחַבְעָם בִּירוּשָׁלִַם וַיִּמְלֹךְ כִּי 13
בֶן־אַרְבָּעִים וְאַחַת שָׁנָה רְחַבְעָם בְּמָלְכוֹ וּשְׁבַע עֶשְׂרֵה
שָׁנָה ׀ מָלַךְ בִּירוּשָׁלִַם הָעִיר אֲשֶׁר־בָּחַר יְהוָה לָשׂוּם
אֶת־שְׁמוֹ שָׁם מִכֹּל שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל וְשֵׁם אִמּוֹ נַעֲמָה
הָעַמֹּנִית׃ וַיַּעַשׂ הָרָע כִּי לֹא הֵכִין לִבּוֹ לִדְרוֹשׁ אֶת־ 14
יְהוָה׃ וְדִבְרֵי רְחַבְעָם הָרִאשֹׁנִים וְהָאַחֲרוֹנִים 15
הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים בְּדִבְרֵי שְׁמַעְיָה הַנָּבִיא וְעִדּוֹ הַחֹזֶה
לְהִתְיַחֵשׂ וּמִלְחֲמוֹת רְחַבְעָם וְיָרָבְעָם כָּל־הַיָּמִים׃

ירושָלַיִם, ווייל זיי האָבן געפעלשט אָן גאָט; 3 מיט טויזנט און צוויי הונדערט רייטוועגן, און מיט זעכציק טויזנט רייטער; און אָן אַ צאָל איז געווען דאָס פאָלק וואָס איז מיט אים געקומען פון מִצרַיִם, לובים, סוכּיים, און כושים. 4 און ער האָט באַצוווּנגען די פעסטונגשטעט פון יהודה, און איז געקומען ביז ירושָלַיִם.

5 איז שמַעיָה דער נביא געקומען צו רחַבעָמען, און צו די האַרן פון יהודה, וואָס האָבן זיך אײַנגעזאַמלט קיין ירושָלַיִם פון וועגן שישַקן, און ער האָט צו זיי געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איר האָט מיך פאַרלאָזן, דרום האָב איך אויך אײַך איבערגעלאָזן אין דער האַנט פון שישַקן.

6 און די האַרן פון ישראל און דער מלך זײַנען געוואָרן אונטערטעניק, און זיי האָבן געזאָגט: גאָט איז גערעכט. 7 און ווי גאָט האָט געזען אַז זיי זײַנען געוואָרן אונטערטעניק, איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו שמַעיָהן, אַזוי צו זאָגן: זיי זײַנען געוואָרן אונטערטעניק, וועל איך זיי ניט אומברענגען; און איך וועל זיי געבן אַ קליינע אַנטרינונג, און מײַן גרימצאָרן וועט ניט אויסגעגאָסן ווערן אויף ירושָלַיִם דורך דער האַנט פון שישַקן. 8 נייערט זיי וועלן זײַן קנעכט צו אים; כּדי זיי זאָלן וויסן צווישן מײַן דינסט און דעם דינסט פון די מלוכות פון די לענדער.

9 און שישַק דער מלך פון מִצרַיִם איז אַרויפגעקומען אויף ירושָלַיִם; און ער האָט צוגענומען די אוצרות פון גאָטס הויז, און די אוצרות פון מלכס הויז; אַלץ האָט ער צוגענומען. און ער האָט צוגענומען די גילדערנע שילדן וואָס שלמה האָט געמאַכט. 10 און דער מלך רחַבעָם האָט געמאַכט אָנשטאָט זיי קופערנע שילדן, און האָט זיי איבערגעגעבן אויף דער האַנט פון די הויפטלייט פון די לויפערס וואָס האָבן געהיט דעם אײַנגאַנג פון מלכס הויז. 11 און עס איז געווען, ווען נאָר דער מלך פלעגט קומען אין גאָטס הויז, זײַנען געקומען די לויפערס און פלעגן זיי אַרויסטראָגן, דערנאָך פלעגן זיי זיי אומקערן אין דער קאַמער פון די לויפערס.

12 און אַז ער איז געוואָרן אונטערטעניק, האָט זיך אָפגעקערט פון אים דער צאָרן פון גאָט, ניט אומצוברענגען אין גאַנצן; און אויך זײַנען געווען אין יהודה גוטע זאַכן.

13 און דער מלך רחַבעָם האָט זיך באַפעסטיקט אין ירושָלַיִם, און האָט געקיניגט; וואָרום איין און פערציק יאָר איז רחַבעָם אַלט געווען אַז ער איז געוואָרן מלך, און זיבעצן יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם, אין דער שטאָט וואָס גאָט האָט אויסדערוויילט פון אַלע שבטים פון ישׂראל, צו טאָן זײַן נאָמען דאָרטן. און דער נאָמען פון זײַן מוטער איז געווען נַעֲמָה די עַמוֹנית. 14 און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט, וואָרום ער האָט ניט געקערט זײַן האַרץ צו זוכן גאָט.

15 און די זאַכן וועגן רחַבעָמען, די ערשטע אַזוי ווי די לעצטע, זיי זײַנען שוין באַשריבן אין די ווערטער פון שמַעיָה דעם נביא, און עִדוֹ דעם זעער, וועגן דעם יחוס. און מלחמות זײַנען געווען צווישן רחַבעָמען און יָרבעָמען אַלע טעג.

16 און רחַבעָם האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און ער איז באַגראָבן געוואָרן אין דודס־שטאָט. און זיין זון אַבִיָה איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

**יג** 1 אין אַכצנטן יאָר פון דעם מלך יָרָבעָם איז אַבִיָה געוואָרן מלך איבער יהודה. 2 דריי יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם. און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען מיכָיָהו די טאָכטער פון אוריאֵלן פון גִבעָה.

און אַ מלחמה איז געווען צווישן אַבִיָהן און צווישן יָרָבעָמען. 3 און אַבִיָה האָט אָנגעקניפּט די מלחמה מיט אַ חיל פון מלחמה־גיבורים, פיר הונדערט טויזנט געקליבענע מענער; און יָרָבעָם האָט אָנגעריכט אויף אים די מלחמה מיט אַכט הונדערט טויזנט געקליבענע מענער, העלדישע גיבורים.

4 און אַבִיָה האָט זיך געשטעלט אויף דעם באַרג צמָרַיִם וואָס אין די בערג פון אפרים, און ער האָט געזאָגט: הערט מיך צו, יָרָבעָם און גאַנץ ישׂראל. 5 איר דאַרפט דאָך וויסן אַז יהוה דער גאָט פון ישׂראל האָט געגעבן די מלוכה איבער ישׂראל צו דודן אויף אייביק, צו אים און צו זיינע קינדער, אין אַ בונד פון זאַלץ. 6 און יָרָבעָם דער זון פון נבָטן, דער קנעכט פון שלמה דעם זון פון דודן, איז אויפגעשטאַנען און האָט ווידערשפּעניקט אָן זיין האַר. 7 און עס האָבן זיך אויפגעקליבן אַרום אים נישטיקע לייט, נידערטרעכטיקע יונגען, און זיי האָבן זיך געפעסטיקט אַקעגן רחַבעָם דעם זון פון שלמהן, און רחַבעָם איז געווען יונג און ווייכהאַרציק, און האָט זיך ניט געקענט שטאַרקן אַקעגן זיי. 8 און אַצונד ווילט איר זיך שטאַרקן אַקעגן דער מלוכה פון יהוה אין דער האַנט פון די קינדער פון דוד; און איר זייט אַ גרויסער המון, און מיט אייך זיינען די גילדערנע קעלבער וואָס יָרָבעָם האָט אייך געמאַכט פאַר געטער. 9 פאַרוואָר, איר האָט פאַרשטויסן די כֹהנים פון יהוה, די קינדער פון אַהרן, און די לוִיִם, און איר האָט אייך געמאַכט כֹהנים אַזוי ווי די פעלקער פון אַנדערע לענדער; איטלעכער וואָס קומט דערפילן זיין האַנט[א], מיט אַ יונגן אָקס, און מיט זיבן ווידערס, ער ווערט אַ כֹהן צו די אומגעטער. 10 אָבער מיר – אונדזער גאָט איז יהוה, און מיר האָבן אים ניט פאַרלאָזן, און כֹהנים וואָס דינען פאַר יהוה, זיינען קינדער פון אַהרן, און די לוִיִם זיינען אויף דעם דינסט; 11 און זיי דעמפן צו יהוה בראַנדאָפּפער פרימאָרגן אין פרימאָרגן, און אָוונט אין אָוונט, און וויירויך פון שמעקעדיקע געווירצן, און די אויסלייגונג פון דעם ברויט אויף דעם ריינעם טיש, און די גילדערנע מנוֹרה מיט אירע רערלעך אויף צו ברענען אָוונט אין אָוונט. וואָרום מיר היטן די היטונג פון יהוה אונדזער גאָט, און איר האָט אים פאַרלאָזן. 12 און אָט איז פאַרויס מיט אונדז גאָט, און זיינע כֹהנים מיט שאַלטרומייטן

טו וַיִּשְׁכַּב רְחַבְעָם עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר בְּעִיר דָּוִיד וַיִּמְלֹךְ
אֲבִיָּה בְנוֹ תַּחְתָּיו׃

יג

א בִּשְׁנַת שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה לַמֶּלֶךְ יָרָבְעָם וַיִּמְלֹךְ אֲבִיָּה עַל־
ב יְהוּדָה׃ שָׁלוֹשׁ שָׁנִים מָלַךְ בִּירוּשָׁלַםִ וְשֵׁם אִמּוֹ מִיכָיָהוּ
בַת־אוּרִיאֵל מִן־גִּבְעָה וּמִלְחָמָה הָיְתָה בֵּין אֲבִיָּה וּבֵין
ג יָרָבְעָם׃ וַיֶּאְסֹר אֲבִיָּה אֶת־הַמִּלְחָמָה בְּחַיִל גִּבּוֹרֵי מִלְחָמָה
אַרְבַּע־מֵאוֹת אֶלֶף אִישׁ בָּחוּר וְיָרָבְעָם עָרַךְ עִמּוֹ מִלְחָמָה
ד בִּשְׁמוֹנֶה מֵאוֹת אֶלֶף אִישׁ בָּחוּר גִּבּוֹר חָיִל׃ וַיָּקָם
אֲבִיָּה מֵעַל לְהַר צְמָרַיִם אֲשֶׁר בְּהַר אֶפְרָיִם וַיֹּאמֶר
ה שְׁמָעוּנִי יָרָבְעָם וְכָל־יִשְׂרָאֵל׃ הֲלֹא לָכֶם לָדַעַת כִּי יְהוָה ׀
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל נָתַן מַמְלָכָה לְדָוִיד עַל־יִשְׂרָאֵל לְעוֹלָם לוֹ
ו וּלְבָנָיו בְּרִית מֶלַח׃ וַיָּקָם יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט עֶבֶד שְׁלֹמֹה
ז בֶן־דָּוִיד וַיִּמְרֹד עַל־אֲדֹנָיו׃ וַיִּקָּבְצוּ עָלָיו אֲנָשִׁים
רֵקִים בְּנֵי בְלִיַּעַל וַיִּתְאַמְּצוּ עַל־רְחַבְעָם בֶּן־שְׁלֹמֹה
וּרְחַבְעָם הָיָה נַעַר וְרַךְ־לֵבָב וְלֹא הִתְחַזַּק לִפְנֵיהֶם׃
ח וְעַתָּה ׀ אַתֶּם אֹמְרִים לְהִתְחַזֵּק לִפְנֵי מַמְלֶכֶת יְהוָה בְּיַד
בְּנֵי דָוִיד וְאַתֶּם הָמוֹן רָב וְעִמָּכֶם עֶגְלֵי זָהָב אֲשֶׁר עָשָׂה
ט לָכֶם יָרָבְעָם לֵאלֹהִים׃ הֲלֹא הִדַּחְתֶּם אֶת־כֹּהֲנֵי יְהוָה
אֶת־בְּנֵי אַהֲרֹן וְהַלְוִיִּם וַתַּעֲשׂוּ לָכֶם כֹּהֲנִים כְּעַמֵּי הָאֲרָצוֹת
כָּל־הַבָּא לְמַלֵּא יָדוֹ בְּפַר בֶּן־בָּקָר וְאֵילִם שִׁבְעָה וְהָיָה
י כֹהֵן לְלֹא אֱלֹהִים׃ וַאֲנַחְנוּ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וְלֹא עֲזַבְנֻהוּ
וְכֹהֲנִים מְשָׁרְתִים לַיהוָה בְּנֵי אַהֲרֹן וְהַלְוִיִּם בַּמְלָאכֶת׃
יא וּמַקְטִרִים לַיהוָה עֹלוֹת בַּבֹּקֶר־בַּבֹּקֶר וּבָעֶרֶב־בָּעֶרֶב
וּקְטֹרֶת־סַמִּים וּמַעֲרֶכֶת לֶחֶם עַל־הַשֻּׁלְחָן הַטָּהוֹר וּמְנוֹרַת
הַזָּהָב וְנֵרֹתֶיהָ לְבָעֵר בָּעֶרֶב בָּעֶרֶב כִּי שֹׁמְרִים אֲנַחְנוּ
יב אֶת־מִשְׁמֶרֶת יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וְאַתֶּם עֲזַבְתֶּם אֹתוֹ׃ וְהִנֵּה
עִמָּנוּ בָרֹאשׁ הָאֱלֹהִים ׀ וְכֹהֲנָיו וַחֲצֹצְרוֹת הַתְּרוּעָה לְהָרִיעַ

[א] ד. ה. זיך אײַנווייען.

עֲלֵיכֶם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אַל־תִּלָּחֲמוּ עִם־יְהוָה אֱלֹהֵי־אֲבֹתֵיכֶם
כִּי־לֹא תַצְלִיחוּ׃ וְיָרָבְעָם הֵסֵב אֶת־הַמַּאְרָב לָבוֹא יג
מֵאַחֲרֵיהֶם וַיִּהְיוּ לִפְנֵי יְהוּדָה וְהַמַּאְרָב מֵאַחֲרֵיהֶם׃
וַיִּפְנוּ יְהוּדָה וְהִנֵּה לָהֶם הַמִּלְחָמָה פָּנִים וְאָחוֹר וַיִּצְעֲקוּ יד
לַיהוָה וְהַכֹּהֲנִים מַחְצְצְרִים בַּחֲצֹצְרוֹת׃ וַיָּרִיעוּ אִישׁ טו
יְהוּדָה וַיְהִי בְּהָרִיעַ אִישׁ יְהוּדָה וְהָאֱלֹהִים נָגַף אֶת־יָרָבְעָם
וְכָל־יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי אֲבִיָּה וִיהוּדָה׃ וַיָּנוּסוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל טז
מִפְּנֵי יְהוּדָה וַיִּתְּנֵם אֱלֹהִים בְּיָדָם׃ וַיַּכּוּ בָהֶם אֲבִיָּה וְעַמּוֹ יז
מַכָּה רַבָּה וַיִּפְּלוּ חֲלָלִים מִיִּשְׂרָאֵל חֲמֵשׁ־מֵאוֹת אֶלֶף אִישׁ
בָּחוּר׃ וַיִּכָּנְעוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בָּעֵת הַהִיא וַיֶּאֶמְצוּ בְּנֵי יְהוּדָה יח
כִּי נִשְׁעֲנוּ עַל־יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבוֹתֵיהֶם׃ וַיִּרְדֹּף אֲבִיָּה אַחֲרֵי יט
יָרָבְעָם וַיִּלְכֹּד מִמֶּנּוּ עָרִים אֶת־בֵּית־אֵל וְאֶת־בְּנוֹתֶיהָ
וְאֶת־יְשָׁנָה וְאֶת־בְּנוֹתֶיהָ וְאֶת־עֶפְרוֹן וּבְנֹתֶיהָ׃ וְלֹא־עָצַר כ
כֹּחַ יָרָבְעָם עוֹד בִּימֵי אֲבִיָּהוּ וַיִּגְּפֵהוּ יְהוָה וַיָּמֹת׃
וַיִּתְחַזֵּק אֲבִיָּהוּ וַיִּשָּׂא־לוֹ נָשִׁים אַרְבַּע עֶשְׂרֵה וַיּוֹלֶד עֶשְׂרִים כא
וּשְׁנַיִם בָּנִים וְשֵׁשׁ עֶשְׂרֵה בָּנוֹת׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי אֲבִיָּה וּדְרָכָיו כב
וּדְבָרָיו כְּתוּבִים בְּמִדְרַשׁ הַנָּבִיא עִדּוֹ׃ וַיִּשְׁכַּב אֲבִיָּה כג
עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ בְּעִיר דָּוִיד וַיִּמְלֹךְ אָסָא בְנוֹ תַּחְתָּיו
בְּיָמָיו שָׁקְטָה הָאָרֶץ עֶשֶׂר שָׁנִים׃

## יד

וַיַּעַשׂ אָסָא הַטּוֹב וְהַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה אֱלֹהָיו׃ וַיָּסַר אֶת־ א ב
מִזְבְּחוֹת הַנֵּכָר וְהַבָּמוֹת וַיְשַׁבֵּר אֶת־הַמַּצֵּבוֹת וַיְגַדַּע אֶת־
הָאֲשֵׁרִים׃ וַיֹּאמֶר לִיהוּדָה לִדְרוֹשׁ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵי ג
אֲבוֹתֵיהֶם וְלַעֲשׂוֹת הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוָה׃ וַיָּסַר מִכָּל־עָרֵי ד
יְהוּדָה אֶת־הַבָּמוֹת וְאֶת־הַחַמָּנִים וַתִּשְׁקֹט הַמַּמְלָכָה
לְפָנָיו׃ וַיִּבֶן עָרֵי מְצוּרָה בִּיהוּדָה כִּי־שָׁקְטָה הָאָרֶץ וְאֵין־ ה
עִמּוֹ מִלְחָמָה בַּשָּׁנִים הָאֵלֶּה כִּי־הֵנִיחַ יְהוָה לוֹ׃ וַיֹּאמֶר ו

יג, יד׳ יחוו צ׳ יט׳ עפרין קרי כ׳ בס״א עצר כח׳

צו שאַלן אויף אײַך. קינדער פון ישׂראל, איר זאָלט ניט מלחמה האַלטן מיט יהוה דעם גאָט פון אונדזערע עלטערן, וואָרום איר וועט ניט באַגליקן.

[13] אָבער יָרָבעָם האָט אויסגעדרייט די לויערער צו קומען אויף זיי פון הינטן, אַזוי אַז זיי זיינען געווען פאַר יהודה, און די לויערער הינטער זיי. [14] און יהודה האָט זיך אומגעקוקט, ערשט די מלחמה איז אויף זיי פון פאָרנט און פון הינטן; און זיי האָבן געשריען צו יהוה, און די כֹּהנים האָבן געטרומייטערט אין טרומייטן. [15] און די מענער פון יהודה האָבן אַרויסגעלאָזט אַ שאַלונג, און עס איז געווען, ווי די מענער פון יהודה האָבן אַרויסגעלאָזט אַ שאַלונג, האָט גאָט געשלאָגן יָרָבעָמען און גאַנץ ישׂראל פאַר אַבִיָהן און יהודה. [16] און די קינדער פון ישׂראל זיינען אַנטלאָפן פאַר יהודה, און גאָט האָט זיי געגעבן אין זייער האַנט. [17] און אַבִיָה און זיין פאָלק האָבן זיי געשלאָגן אַ גרויסן שלאַק, און עס זיינען געפאַלן דערשלאָגענע פון ישׂראל פינף הונדערט טויזנט געקליבענע מענער. [18] און די קינדער פון ישׂראל זיינען אונטערטעניק געוואָרן אין יענער צייט, און די קינדער פון יהודה זיינען געוואָרן שטאַרק, ווייל זיי האָבן זיך אָנגעלענט אויף יהוה דעם גאָט פון זייערע עלטערן.

[19] און אַבִיָה האָט נאָכגעיאָגט יָרָבעָמען, און ער האָט באַצוואונגען פון אים שטעט: בֵּית־אֵל מיט אירע טעכטערשטעט, און יְשָנָה מיט אירע טעכטערשטעט, און עֶפרַיִן מיט אירע טעכטערשטעט. [20] און יָרָבעָם איז מער ניט געקומען צו די כּוחות אין די טעג פון אַבִיָהן; און גאָט האָט אים געפּלאָגט, און ער איז געשטאָרבן.

[21] און אַבִיָה האָט זיך באַפעסטיקט. און ער האָט זיך גענומען פערצן ווייבער, און האָט געבאָרן צוויי און צוואַנציק זין, און זעכצן טעכטער.

[22] און די איבעריקע זאַכן וועגן אַבִיָהן, און זיינע פירונגען, און זיינע רייד, זיינען פאַרשריבן אין דעם מֶדרַש פון עִדו דעם נביא.

[23] און אַבִיָה האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און מע האָט אים באַגראָבן אין דודס־שטאָט. און זיין זון אָסאָ איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט. אין זיינע טעג איז דאָס לאַנד געווען רואיק צען יאָר.

**יד** [1] און אָסאָ האָט געטאָן וואָס איז גוט און רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון יהוה זיין גאָט. [2] און ער האָט אָפּגעטאָן די פרעמדע מזבחות און די בָמות, און ער האָט צעבראָכן די זיילשטיינער, און האָט אָפּגעהאַקט די געצנביימער. [3] און ער האָט אָנגעזאָגט יהודה צו זוכן יהוה דעם גאָט פון זייערע עלטערן, און צו טאָן די תּורה און דאָס געבאָט. [4] און ער האָט אָפּגעטאָן פון אַלע שטעט פון יְהודה די בָמות און די זונזיילן. און דאָס קיניגרייך איז געווען רואיק אונטער אים. [5] און ער האָט געבויט פעסטונגשטעט אין יהודה, וואָרום דאָס לאַנד איז געווען רואיק, און ביי אים איז ניט געווען קיין מלחמה אין יענע יאָרן, ווייל גאָט האָט אים באַרוט. [6] און ער האָט געזאָגט צו יְהודה:

לִיהוּדָה נִבְנֶה ׀ אֶת־הֶעָרִים הָאֵלֶּה וְנָסֵב חוֹמָה וּמִגְדָּלִים
דְּלָתַיִם וּבְרִיחִים עוֹדֶנּוּ הָאָרֶץ לְפָנֵינוּ כִּי דָרַשְׁנוּ אֶת־
יְהוָה אֱלֹהֵינוּ דָּרַשְׁנוּ וַיָּנַח לָנוּ מִסָּבִיב וַיִּבְנוּ וַיַּצְלִיחוּ׃
ז וַיְהִי לְאָסָא חַיִל נֹשֵׂא צִנָּה וָרֹמַח מִיהוּדָה שְׁלֹשׁ
מֵאוֹת אֶלֶף וּמִבִּנְיָמִן נֹשְׂאֵי מָגֵן וְדֹרְכֵי קֶשֶׁת מָאתַיִם
ח וּשְׁמוֹנִים אֶלֶף כָּל־אֵלֶּה גִּבּוֹרֵי חָיִל׃ וַיֵּצֵא אֲלֵיהֶם זֶרַח
הַכּוּשִׁי בְּחַיִל אֶלֶף אֲלָפִים וּמַרְכָּבוֹת שְׁלֹשׁ מֵאוֹת וַיָּבֹא
ט עַד־מָרֵשָׁה׃ וַיֵּצֵא אָסָא לְפָנָיו וַיַּעַרְכוּ מִלְחָמָה בְּגֵיא
י צְפַתָה לְמָרֵשָׁה׃ וַיִּקְרָא אָסָא אֶל־יְהוָה אֱלֹהָיו וַיֹּאמַר
יְהוָה אֵין־עִמְּךָ לַעְזוֹר בֵּין רַב לְאֵין כֹּחַ עָזְרֵנוּ יְהוָה
אֱלֹהֵינוּ כִּי־עָלֶיךָ נִשְׁעַנּוּ וּבְשִׁמְךָ בָאנוּ עַל־הֶהָמוֹן הַזֶּה
יא יְהוָה אֱלֹהֵינוּ אַתָּה אַל־יַעְצֹר עִמְּךָ אֱנוֹשׁ׃ וַיִּגֹּף
יְהוָה אֶת־הַכּוּשִׁים לִפְנֵי אָסָא וְלִפְנֵי יְהוּדָה וַיָּנֻסוּ
יב הַכּוּשִׁים׃ וַיִּרְדְּפֵם אָסָא וְהָעָם אֲשֶׁר־עִמּוֹ עַד־לִגְרָר וַיִּפֹּל
מִכּוּשִׁים לְאֵין לָהֶם מִחְיָה כִּי־נִשְׁבְּרוּ לִפְנֵי־יְהוָה וְלִפְנֵי
יג מַחֲנֵהוּ וַיִּשְׂאוּ שָׁלָל הַרְבֵּה מְאֹד׃ וַיַּכּוּ אֵת כָּל־הֶעָרִים
סְבִיבוֹת גְּרָר כִּי־הָיָה פַחַד־יְהוָה עֲלֵיהֶם וַיָּבֹזּוּ אֶת־כָּל־
יד הֶעָרִים כִּי־בִזָּה רַבָּה הָיְתָה בָהֶם׃ וְגַם־אָהֳלֵי מִקְנֶה הִכּוּ
וַיִּשְׁבּוּ צֹאן לָרֹב וּגְמַלִּים וַיָּשֻׁבוּ יְרוּשָׁלָיִם׃

טו

א ב וַעֲזַרְיָהוּ בֶּן־עוֹדֵד הָיְתָה עָלָיו רוּחַ אֱלֹהִים׃ וַיֵּצֵא לִפְנֵי
אָסָא וַיֹּאמֶר לוֹ שְׁמָעוּנִי אָסָא וְכָל־יְהוּדָה וּבִנְיָמִן יְהוָה
עִמָּכֶם בִּהְיוֹתְכֶם עִמּוֹ וְאִם־תִּדְרְשֻׁהוּ יִמָּצֵא לָכֶם וְאִם־
ג תַּעַזְבֻהוּ יַעֲזֹב אֶתְכֶם׃ וְיָמִים רַבִּים לְיִשְׂרָאֵל לְלֹא ׀
ד אֱלֹהֵי אֱמֶת וּלְלֹא כֹּהֵן מוֹרֶה וּלְלֹא תוֹרָה׃ וַיָּשָׁב בַּצַּר־לוֹ
ה עַל־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וַיְבַקְשֻׁהוּ וַיִּמָּצֵא לָהֶם׃ וּבָעִתִּים
הָהֵם אֵין שָׁלוֹם לַיּוֹצֵא וְלַבָּא כִּי מְהוּמֹת רַבּוֹת עַל כָּל־
ו יֹשְׁבֵי הָאֲרָצוֹת׃ וְכֻתְּתוּ גוֹי־בְּגוֹי וְעִיר בְּעִיר כִּי־אֱלֹהִים

לאָמיר פאַרבויען דידאָזיקע שטאָט, און אַרומרינגלען מיט אַ מויער און טורעמס, טירן און ריגלען, אַזוי לאַנג דאָס לאַנד ליגט פאַר אונדז, ווייל מיר האָבן געזוכט יהוה אונדזער גאָט; מיר האָבן אים געזוכט, און ער האָט אונדז באַרוט פון רונד אַרום. און זיי האָבן געבויט, און האָבן באַגליקט.

[7] און אָסאָ האָט געהאַט אַ חיל וואָס האָט געטראָגן פאַנצערס און שפּיזן, פון יהודה דריי הונדערט טויזנט; און פון בנימין, די וואָס האָבן געטראָגן אַ שילד און געשפּאַנט אַ בויגן, צוויי הונדערט און אַכציק טויזנט. די אַלע זיינען געווען העלדישע גיבורים.

[8] איז אַרויסגעגאַנגען אַקעגן זיי זֶרַח דער כושי מיט אַ חיל פון טויזנט מאָל טויזנט, און רייטוואָגן דריי הונדערט, און ער איז געקומען ביז מָרֵשָׁה. [9] איז אָסאָ אַרויסגעגאַנגען זיי אַנטקעגן, און זיי האָבן אָנגעריכט אַ מלחמה אין טאָל פון צפַת ביי מָרֵשָׁה. [10] און אָסאָ האָט גערופן צו יהוה זיין גאָט, און ער האָט געזאָגט: יהוה, ניטאָ אַחוץ דיר צו העלפן צווישן דעם מאַכטיקן און דעם וואָס אָן כּוח; העלף אונדז, יהוה אונדזער גאָט, וואָרום אויף דיר לענען מיר זיך אָן, און אין דיין נאָמען זיינען מיר געקומען אויף דעמדאָזיקן גרויסן המון. דו ביסט יהוה אונדזער גאָט; זאָל ניט אַ מענטש אויסהאַלטן אַקעגן דיר.

[11] און גאָט האָט געשלאָגן די כּושים פאַר אָסאָן און פאַר יהודה, און די כּושים זיינען אַנטלאָפן. [12] און אָסאָ און דאָס פאָלק וואָס מיט אים האָבן זיי נאָכגעיאָגט ביז קיין גרָר, און עס זיינען געפאַלן פון די כּושים, ביז פון זיי איז ניט געבליבן אַ לעבעדיקער; וואָרום זיי זיינען צעבראָכן געוואָרן פאַר גאָט און פאַר זיין מחנה. און זיי האָבן גענומען רויב זייער פיל. [13] און זיי האָבן געשלאָגן אַלע שטעט רונד אַרום גרָר, וואָרום אַ פּחד פון גאָט איז געווען אויף זיי; און זיי האָבן אויסגערויבט אַלע שטעט, וואָרום פיל רויב איז אין זיי געווען. [14] און אויך די פיגעצעלטן האָבן זיי געשלאָגן, און זיי האָבן געפאַנגען שאָף אַ סך, און קעמלען, און האָבן זיך אומגעקערט קיין ירושָלַיִם.

טו [1] און עֲזַרְיָהו דעם זון פון עוֹדֵדן, אויף אים איז געווען דער גייסט פון גאָט. [2] און ער איז אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן אָסאָן, און האָט צו אים געזאָגט: הערט מיך צו, אָסאָ, און גאַנץ יהודה, און בנימין: גאָט איז מיט אײַך, אַז איר זייט מיט אים; און אַז איר וועט אים זוכן, וועט ער זיך לאָזן געפינען פון אײַך; אָבער אַז איר וועט אים פאַרלאָזן, וועט ער אײַך פאַרלאָזן. [3] און פיל טעג איז ישראל געווען אָן דעם אמתן גאָט, און אָן אַ כֹּהן וואָס זאָל לערנען, און אָן אַ תּוֹרה. [4] אָבער אַז זיי האָבן אין זייער נויט זיך אומגעקערט צו יהוה דעם גאָט פון ישׂראל, און האָבן אים געזוכט, האָט ער זיך געלאָזט געפינען פון זיי. [5] און אין יענע צייטן איז ניט געווען קיין פריד פאַר דעם אַרויסגייער און פאַר דעם אַריינגייער, וואָרום גרויסע מהומות זיינען געווען אויף אַלע באַוווינער פון די לענדער. [6] און זיי זיינען צעשלאָגן געוואָרן אַ פאָלק אָן אַ פאָלק, און אַ שטאָט אָן אַ שטאָט, וואָרום גאָט האָט זיי פאַרטומלט

הֲמָמָם בְּכָל־צָרָה׃ וְאַתֶּם חִזְקוּ וְאַל־יִרְפּוּ יְדֵיכֶם כִּי יֵשׁ ז
שָׂכָר לִפְעֻלַּתְכֶם׃ וְכִשְׁמֹעַ אָסָא הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה ח
וְהַנְּבוּאָה עֹדֵד הַנָּבִיא הִתְחַזַּק וַיַּעֲבֵר הַשִּׁקּוּצִים מִכָּל־
אֶרֶץ יְהוּדָה וּבִנְיָמִן וּמִן־הֶעָרִים אֲשֶׁר לָכַד מֵהַר אֶפְרָיִם
וַיְחַדֵּשׁ אֶת־מִזְבַּח יְהוָה אֲשֶׁר לִפְנֵי אוּלָם יְהוָה׃ וַיִּקְבֹּץ ט
אֶת־כָּל־יְהוּדָה וּבִנְיָמִן וְהַגָּרִים עִמָּהֶם מֵאֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה
וּמִשִּׁמְעוֹן כִּי־נָפְלוּ עָלָיו מִיִּשְׂרָאֵל לָרֹב בִּרְאֹתָם כִּי־יְהוָה
אֱלֹהָיו עִמּוֹ׃ וַיִּקָּבְצוּ יְרוּשָׁלִַם בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי לִשְׁנַת י
חֲמֵשׁ־עֶשְׂרֵה לְמַלְכוּת אָסָא׃ וַיִּזְבְּחוּ לַיהוָה בַּיּוֹם הַהוּא יא
מִן־הַשָּׁלָל הֵבִיאוּ בָּקָר שְׁבַע מֵאוֹת וְצֹאן שִׁבְעַת אֲלָפִים׃
וַיָּבֹאוּ בַבְּרִית לִדְרוֹשׁ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבוֹתֵיהֶם בְּכָל־ יב
לְבָבָם וּבְכָל־נַפְשָׁם׃ וְכֹל אֲשֶׁר לֹא־יִדְרֹשׁ לַיהוָה אֱלֹהֵי־ יג
יִשְׂרָאֵל יוּמָת לְמִן־קָטֹן וְעַד־גָּדוֹל לְמֵאִישׁ וְעַד־אִשָּׁה׃
וַיִּשָּׁבְעוּ לַיהוָה בְּקוֹל גָּדוֹל וּבִתְרוּעָה וּבַחֲצֹצְרוֹת וּבְשׁוֹפָרוֹת׃ יד
וַיִּשְׂמְחוּ כָל־יְהוּדָה עַל־הַשְּׁבוּעָה כִּי בְכָל־לְבָבָם נִשְׁבָּעוּ טו
וּבְכָל־רְצוֹנָם בִּקְשֻׁהוּ וַיִּמָּצֵא לָהֶם וַיָּנַח יְהוָה לָהֶם
מִסָּבִיב׃ וְגַם־מַעֲכָה אֵם ׀ אָסָא הַמֶּלֶךְ הֱסִירָהּ מִגְּבִירָה טז
אֲשֶׁר־עָשְׂתָה לַאֲשֵׁרָה מִפְלָצֶת וַיִּכְרֹת אָסָא אֶת־מִפְלַצְתָּהּ
וַיָּדֶק וַיִּשְׂרֹף בְּנַחַל קִדְרוֹן׃ וְהַבָּמוֹת לֹא־סָרוּ מִיִּשְׂרָאֵל יז
רַק לְבַב־אָסָא הָיָה שָׁלֵם כָּל־יָמָיו׃ וַיָּבֵא אֶת־קָדְשֵׁי אָבִיו יח
וְקָדָשָׁיו בֵּית הָאֱלֹהִים כֶּסֶף וְזָהָב וְכֵלִים׃ וּמִלְחָמָה לֹא יט
הָיָתָה עַד שְׁנַת־שְׁלֹשִׁים וְחָמֵשׁ לְמַלְכוּת אָסָא׃

טז

בִּשְׁנַת שְׁלֹשִׁים וָשֵׁשׁ לְמַלְכוּת אָסָא עָלָה בַּעְשָׁא מֶלֶךְ־ א
יִשְׂרָאֵל עַל־יְהוּדָה וַיִּבֶן אֶת־הָרָמָה לְבִלְתִּי תֵּת יוֹצֵא וָבָא
לְאָסָא מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ וַיֹּצֵא אָסָא כֶּסֶף וְזָהָב מֵאֹצְרוֹת בֵּית ב
יְהוָה וּבֵית הַמֶּלֶךְ וַיִּשְׁלַח אֶל־בֶּן־הֲדַד מֶלֶךְ אֲרָם הַיּוֹשֵׁב
בְּדַרְמֶשֶׂק לֵאמֹר׃ בְּרִית בֵּינִי וּבֵינֶךָ וּבֵין אָבִי וּבֵין אָבִיךָ ג

מיט אַלערליי צרות. 7 אָבער איר זייט שטאַרק, און זאָלן ניט אָפּגעשלאַפט ווערן אַייערע הענט, וואָרום אַ שׂכר איז דאָ פאַר אַייער טוּאוּנג.

8 און ווי אָסאָ האָט געהערט דידאָזיקע ווערטער און די נבואה פון עוֹדֵד דעם נביא, האָט ער זיך געשטאַרקט, און האָט אָפּגעשאַפט די אומווערדיקייטן פון גאַנצן לאַנד יהודה און בנימין, און פון די שטעט וואָס ער האָט באַצוווּנגען פון באַרג אפרים; און ער האָט באַנייט דעם מזבח פון גאָט וואָס פאַר דעם פאָדערהויז פון גאָט. 9 און ער האָט אַיינגעזאַמלט גאַנץ יהודה און בנימין און די וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי זיי פון אפרים און מנשה, און פון שמעון; וואָרום אַ סך זיינען צוגעפאַלן צו אים פון ישׂראל, ווען זיי האָבן געזען אַז יהוה זיין גאָט איז מיט אים. 10 און זיי האָבן זיך אַיינגעזאַמלט אין ירושָלַיִם אין דריטן חודש, אין פופצנטן יאָר פון אָסאָס מלוכה. 11 און זיי האָבן געשלאַכט צו גאָט אין יענעם טאָג, פון דעם רויב וואָס זיי האָבן געבראַכט, זיבן הונדערט רינדער, און זיבן טויזנט שאָף. 12 און זיי זיינען אַריין אין אַ בונד צו זוכן יהוה דעם גאָט פון זייערע עלטערן מיט זייער גאַנצן האַרצן און מיט זייער גאַנצער זעל; 13 און אַז איטלעכער וואָס וועט ניט זוכן יהוה דעם גאָט פון ישׂראל, זאָל געטייט ווערן, סיי קליין סיי גרויס, סיי אַ מאַן סיי אַ פרוי. 14 און זיי האָבן געשוואָרן צו גאָט אויף אַ הויכן קָול, און מיט שאַלונג, און מיט טרומייטן, און מיט שופרות. 15 און גאַנץ יהודה האָבן זיך געפרייט מיט דער שבועה; וואָרום מיט זייער גאַנצן האַרצן האָבן זיי געשוואָרן, און מיט זייער גאַנצן רצון האָבן זיי אים געזוכט; און ער האָט זיך געלאָזט געפינען פון זיי, און גאָט האָט זיי באַרוט פון רונד אַרום.

16 און אויך מַעֲכָה די מוטער פון דעם מלך אָסאָן האָט ער אָפּגעטאָן פון זיין אַ האַרינטע, ווייל זי האָט געמאַכט אַ פאַרזעעניש צו דער אַשֵׁרָה. און אָסאָ האָט אָפּגעהאַקט איר פאַרזעעניש, און צעמאָלן, און פאַרברענט ביים טייך קִדרון. 17 אָבער די בָּמות זיינען ניט אָפּגעטאָן געוואָרן פון ישׂראל; נאָר אָסאָס האַרץ איז געווען גאַנץ אַלע זיינע טעג.

18 און ער האָט געבראַכט די געהייליקטע זאַכן פון זיין פאָטער, און זיינע אייגענע געהייליקטע זאַכן, אין גאָטס הויז, זילבער און גאָלד, און כלים.

19 און קיין מלחמה איז מער ניט געווען ביז דעם פינף און דרייסיקסטן יאָר פון אָסאָס מלוכה.

טז 1 אין זעקס און דרייסיקסטן יאָר פון אָסאָס מלוכה, איז בַּעְשָׁא דער מלך פון ישׂראל אַרויפגעגאַנגען אויף יהודה, און ער האָט אַרומגעבויט רָמָה, כּדי ניט צו דערלאָזן אַן אַרויסגייער און אַן אַריינגייער צו אָסאָ דעם מלך פון יהודה.

2 האָט אָסאָ אַרויסגענומען זילבער און גאָלד פון די אוֹצרות פון גאָטס הויז און דעם מלכס הויז, און אַוועקגעשיקט צו בֶּן־הֲדַד דעם מלך פון אַרָם, וואָס איז געזעסן אין דַרמֶשֶׂק, אַזוי צו זאָגן: 3 אַ בונד איז צווישן מיר און צווישן דיר, און צווישן

מיין פֿאָטער און צווישן דיין פֿאָטער; אָט שיק איך דיר זילבער און גאָלד; גיי פֿאַרשטער דיין בונד מיט בַעְשָׁא דעם מלך פֿון ישׂראל, כּדי ער זאָל אָפּציען פֿון מיר.

[4] האָט בֶּן־הֲדַד צוגעהערט צו דעם מלך אָסאָ, און ער האָט געשיקט זיינע חיל־פֿירער אויף די שטעט פֿון ישׂראל, און זיי האָבן געשלאָגן עִיּוֹן, און דָן, און אָבֵל־מַיִם, און אַלע שפּייכלערשטעט פֿון נפתּלי.

[5] און עס איז געווען, ווי בַעְשָׁא האָט דערהערט, אַזוי האָט ער אויפֿגעהערט אַרומבויען רָמָה, און האָט אָפּגע־שטעלט זיין אַרבעט. [6] און דער מלך אָסאָ האָט גענומען גאַנץ יהודה, און זיי האָבן אַוועקגעטראָגן די שטיינער פֿון רָמָה, און אירע האָלצן, מיט וואָס בַעְשָׁא האָט געבויט. און ער האָט מיט זיי אַרומגעבויט גֶבַע און מִצְפָּה.

[7] און אין יענער צייט איז געקומען חֲנָנִי דער זעער צו אָסאָ דעם מלך פֿון יהודה, און האָט צו אים געזאָגט: ווייל דו האָסט זיך אָנגעלענט אויף דעם מלך פֿון אֲרָם, און האָסט זיך ניט אָנגעלענט אויף יהוה דיין גאָט, דרום איז דער חיל פֿון דעם מלך פֿון אֲרָם אַנטרונען געוואָרן פֿון דיין האַנט. [8] זיינען ניט די כּושים און די לובים געווען אַ גרויסער חיל מיט רייטוועגן און מיט רייטער זייער פֿיל? אָבער אַז דו האָסט זיך אָנגעלענט אויף גאָט, האָט ער זיי געגעבן אין דיין האַנט. [9] וואָרום די אויגן פֿון גאָט וואַנדערן אום איבער דער גאַנצער ערד, זיך צו שטאַרקן פֿאַר די וואָס זייער האַרץ איז אים גאַנץ. דו ביסט נאַריש געווען אין דעם, וואָרום פֿון אַצונד אָן וועלן ביי דיר זיין מלחמות.

[10] האָט אָסאָ געצערנט אויף דעם זעער, און ער האָט אים אַריינגעזעצט אין תּפֿיסה; ווייל ער איז געווען אין כּעס אויף אים דערפֿאַר. און אָסאָ האָט געדריקט טייל פֿון דעם פֿאָלק אין יענער צייט.

[11] און אָט די זאַכן וועגן אָסאָן, די ערשטע אַזוי ווי די לעצטע, זיי זיינען באַשריבן אין בוך פֿון די מלכים פֿון יהודה און ישׂראל.

[12] און אָסאָ איז קראַנק געוואָרן אויף זיינע פֿיס אין ניין און דרייסיקסטן יאָר פֿון זיין מלוכה; זיין קראַנקשאַפֿט איז געווען זייער שטאַרק; אָבער אַפֿילו אין זיין קראַנקשאַפֿט האָט ער ניט געפֿרעגט ביי גאָט נייערט ביי די היילערס.

[13] און אָסאָ האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און איז געשטאָרבן אין איין און פֿערציקסטן יאָר פֿון זיין מלוכה. [14] און מע האָט אים באַגראָבן אין זיין קבר וואָס ער האָט זיך געלאָזט גראָבן אין דודס־שטאָט, און מע האָט אים אַריינגעלייגט אין אַ געלעגער וואָס מע האָט אָנגעפֿילט מיט געווירצן און פֿאַרשידענע מינים, צוגעגרייט דורך בשׂמים־מאַכעריי, און מע האָט פֿאַרברענט נאָך אים אַ גרויסע פֿאַרברענונג ביז גאָר.

## יז

[1] און יהוֹשָׁפָט זיין זון איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט, און האָט זיך באַפֿעסטיקט אַקעגן ישׂראל. [2] און ער האָט

הִנֵּה שָׁלַחְתִּי לְךָ כֶּסֶף וְזָהָב לֵךְ הָפֵר בְּרִיתְךָ אֶת־בַּעְשָׁא
ד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וְיַעֲלֶה מֵעָלָי׃ וַיִּשְׁמַע בֶּן־הֲדַד אֶל־הַמֶּלֶךְ
אָסָא וַיִּשְׁלַח אֶת־שָׂרֵי הַחֲיָלִים אֲשֶׁר־לוֹ אֶל־עָרֵי יִשְׂרָאֵל
וַיַּכּוּ אֶת־עִיּוֹן וְאֶת־דָּן וְאֵת אָבֵל מָיִם וְאֵת כָּל־מִסְכְּנוֹת
ה עָרֵי נַפְתָּלִי׃ וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ בַּעְשָׁא וַיֶּחְדַּל מִבְּנוֹת אֶת־הָרָמָה
ו וַיַּשְׁבֵּת אֶת־מְלַאכְתּוֹ׃ וְאָסָא הַמֶּלֶךְ לָקַח אֶת־כָּל־
יְהוּדָה וַיִּשְׂאוּ אֶת־אַבְנֵי הָרָמָה וְאֶת־עֵצֶיהָ אֲשֶׁר בָּנָה
ז בַּעְשָׁא וַיִּבֶן בָּהֶם אֶת־גֶּבַע וְאֶת־הַמִּצְפָּה׃ וּבָעֵת
הַהִיא בָּא חֲנָנִי הָרֹאֶה אֶל־אָסָא מֶלֶךְ יְהוּדָה וַיֹּאמֶר
אֵלָיו בְּהִשָּׁעֶנְךָ עַל־מֶלֶךְ אֲרָם וְלֹא נִשְׁעַנְתָּ עַל־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
ח עַל־כֵּן נִמְלַט חֵיל מֶלֶךְ־אֲרָם מִיָּדֶךָ׃ הֲלֹא הַכּוּשִׁים
וְהַלּוּבִים הָיוּ לְחַיִל לָרֹב לְרֶכֶב וּלְפָרָשִׁים לְהַרְבֵּה מְאֹד
ט וּבְהִשָּׁעֶנְךָ עַל־יְהוָה נְתָנָם בְּיָדֶךָ׃ כִּי יְהוָה עֵינָיו מְשֹׁטְטוֹת
בְּכָל־הָאָרֶץ לְהִתְחַזֵּק עִם־לְבָבָם שָׁלֵם אֵלָיו נִסְכַּלְתָּ עַל־
י זֹאת כִּי מֵעַתָּה יֵשׁ עִמְּךָ מִלְחָמוֹת׃ וַיִּכְעַס אָסָא אֶל־
הָרֹאֶה וַיִּתְּנֵהוּ בֵּית הַמַּהְפֶּכֶת כִּי־בְזַעַף עִמּוֹ עַל־זֹאת
יא וַיְרַצֵּץ אָסָא מִן־הָעָם בָּעֵת הַהִיא׃ וְהִנֵּה דִּבְרֵי אָסָא
הָרִאשׁוֹנִים וְהָאַחֲרוֹנִים הִנָּם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר הַמְּלָכִים
יב לִיהוּדָה וְיִשְׂרָאֵל׃ וַיֶּחֱלֶא אָסָא בִּשְׁנַת שְׁלוֹשִׁים
וָתֵשַׁע לְמַלְכוּתוֹ בְּרַגְלָיו עַד־לְמַעְלָה חָלְיוֹ וְגַם־בְּחָלְיוֹ
יג לֹא־דָרַשׁ אֶת־יְהוָה כִּי בָּרֹפְאִים׃ וַיִּשְׁכַּב אָסָא עִם־אֲבֹתָיו
יד וַיָּמָת בִּשְׁנַת אַרְבָּעִים וְאַחַת לְמָלְכוֹ׃ וַיִּקְבְּרֻהוּ בְקִבְרֹתָיו
אֲשֶׁר כָּרָה־לוֹ בְּעִיר דָּוִיד וַיַּשְׁכִּיבֻהוּ בַּמִּשְׁכָּב אֲשֶׁר מִלֵּא
בְּשָׂמִים וּזְנִים מְרֻקָּחִים בְּמִרְקַחַת מַעֲשֶׂה וַיִּשְׂרְפוּ־לוֹ
שְׂרֵפָה גְּדוֹלָה עַד־לִמְאֹד׃

יז

א ב וַיִּמְלֹךְ יְהוֹשָׁפָט בְּנוֹ תַּחְתָּיו וַיִּתְחַזֵּק עַל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּתֵּן

טז, ח׳ כ׳אהלא׃

חַיִל בְּכׇל־עָרֵי יְהוּדָה הַבְּצֻרוֹת וַיִּתֵּן נְצִיבִים בְּאֶרֶץ יְהוּדָה
וּבְעָרֵי אֶפְרַיִם אֲשֶׁר לָכַד אָסָא אָבִיו׃ וַיְהִי יְהֹוָה עִם־ ג
יְהוֹשָׁפָט כִּי הָלַךְ בְּדַרְכֵי דָּוִיד אָבִיו הָרִאשֹׁנִים וְלֹא דָרַשׁ
לַבְּעָלִים׃ כִּי לֵאלֹהֵי אָבִיו דָּרָשׁ וּבְמִצְוֺתָיו הָלָךְ וְלֹא ד
כְּמַעֲשֵׂה יִשְׂרָאֵל׃ וַיָּכֶן יְהֹוָה אֶת־הַמַּמְלָכָה בְּיָדוֹ וַיִּתְּנוּ ה
כׇל־יְהוּדָה מִנְחָה לִיהוֹשָׁפָט וַיְהִי־לוֹ עֹשֶׁר וְכָבוֹד לָרֹב׃
וַיִּגְבַּהּ לִבּוֹ בְּדַרְכֵי יְהֹוָה וְעוֹד הֵסִיר אֶת־הַבָּמוֹת וְאֶת־ ו
הָאֲשֵׁרִים מִיהוּדָה׃ וּבִשְׁנַת שָׁלוֹשׁ לְמׇלְכוֹ שָׁלַח ז
לְשָׂרָיו לְבֶן־חַיִל וּלְעֹבַדְיָה וְלִזְכַרְיָה וְלִנְתַנְאֵל וּלְמִיכָיָהוּ
לְלַמֵּד בְּעָרֵי יְהוּדָה׃ וְעִמָּהֶם הַלְוִיִּם שְׁמַעְיָהוּ וּנְתַנְיָהוּ ח
וּזְבַדְיָהוּ וַעֲשָׂהאֵל וּשְׁמִירָמוֹת וִיהוֹנָתָן וַאֲדֹנִיָּהוּ וְטוֹבִיָּהוּ
וְטוֹב אֲדוֹנִיָּה הַלְוִיִּם וְעִמָּהֶם אֱלִישָׁמָע וִיהוֹרָם הַכֹּהֲנִים׃
וַיְלַמְּדוּ בִּיהוּדָה וְעִמָּהֶם סֵפֶר תּוֹרַת יְהֹוָה וַיָּסֹבּוּ בְּכׇל־עָרֵי ט
יְהוּדָה וַיְלַמְּדוּ בָּעָם׃ וַיְהִי ׀ פַּחַד יְהֹוָה עַל כׇּל־מַמְלְכוֹת י
הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר סְבִיבוֹת יְהוּדָה וְלֹא נִלְחֲמוּ עִם־יְהוֹשָׁפָט׃
וּמִן־פְּלִשְׁתִּים מְבִיאִים לִיהוֹשָׁפָט מִנְחָה וְכֶסֶף מַשָּׂא גַּם יא
הָעַרְבִיאִים מְבִיאִים לוֹ צֹאן אֵילִים שִׁבְעַת אֲלָפִים וּשְׁבַע
מֵאוֹת וּתְיָשִׁים שִׁבְעַת אֲלָפִים וּשְׁבַע מֵאוֹת׃ וַיְהִי יב
יְהוֹשָׁפָט הֹלֵךְ וְגָדֵל עַד־לְמָעְלָה וַיִּבֶן בִּיהוּדָה בִּירָנִיּוֹת
וְעָרֵי מִסְכְּנוֹת׃ וּמְלָאכָה רַבָּה הָיָה לוֹ בְּעָרֵי יְהוּדָה יג
וְאַנְשֵׁי מִלְחָמָה גִּבּוֹרֵי חַיִל בִּירוּשָׁלָםִ׃ וְאֵלֶּה יד
פְקֻדָּתָם לְבֵית אֲבוֹתֵיהֶם לִיהוּדָה שָׂרֵי אֲלָפִים עַדְנָה הַשָּׂר
וְעִמּוֹ גִּבּוֹרֵי חַיִל שְׁלֹשׁ מֵאוֹת אָלֶף׃ וְעַל־יָדוֹ טו
יְהוֹחָנָן הַשָּׂר וְעִמּוֹ מָאתַיִם וּשְׁמוֹנִים אָלֶף׃ וְעַל־יָדוֹ טז
עֲמַסְיָה בֶן־זִכְרִי הַמִּתְנַדֵּב לַיהֹוָה וְעִמּוֹ מָאתַיִם אֶלֶף גִּבּוֹר
חָיִל׃ וּמִן־בִּנְיָמִן גִּבּוֹר חַיִל אֶלְיָדָע וְעִמּוֹ נֹשְׁקֵי־קֶשֶׁת יז
וּמָגֵן מָאתַיִם אָלֶף׃ וְעַל־יָדוֹ יְהוֹזָבָד וְעִמּוֹ מֵאָה־וּשְׁמוֹנִים יח

ד׳ קמץ בז״ק   ח׳ ושמירמות קרי

געשטעלט חיל אין אַלע באַפעסטיקטע שטעט פון יהודה, און געשטעלט וואַכן אין לאַנד יהודה, און אין די שטעט פון אפרים וואָס זיין פאָטער אָסאָ האָט באַצוואונגען. 3 און יהוה איז געווען מיט יהושָפָטן, וואָרום ער איז געגאַנגען אין די פריערדיקע וועגן פון זיין פאָטער דודן, און ער האָט ניט געזוכט די בַעַל־געטער. 4 נאָר דעם גאָט פון זיין פאָטער האָט ער געזוכט, און אין זיינע געבאָט איז ער געגאַנגען, און ניט אַזוי ווי די מעשים פון ישׂראל. 5 און יהוה האָט באַפעסטיקט די מלוכה אין זיין האַנט, און גאַנץ יהודה האָט געגעבן מתנות יהושָפָטן, און ער האָט געהאַט פיל עושר און כבוד. 6 און זיין האַרץ איז געווען געהויבן אין די וועגן פון יהוה; דערצו נאָך האָט ער אָפּגעטאָן די בָמות און די געצנביימער פון יהודה.

7 און אין דריטן יאָר פון זיין מלוכה האָט ער געשיקט זיינע האַרן: בֶן־חַיִלן, און עובַדיָהן, און זכַריָהן, און נתַנאֵלן, און מיכָיָהון, צו לערנען די שטעט פון יהודה. 8 און מיט זיי זיינען געווען די לוִיִם שמַעיָהו, און נתַניָהו, און זבַדיָהו, און עשָהאֵל, און שמירָמות, און יהונָתָן, און אַדוניָהו, און טוביָהו, און טוב־אַדוניָה, די לוִיִם; און מיט זיי, אֱלישָמָע און יהורָם, די כֹהנים. 9 און זיי האָבן גע־לערנט אין יהודה, און מיט זיי איז געווען דאָס בוך פון גאָטס תּורה; און זיי זיינען אַרומגעגאַנגען אין אַלע שטעט פון יהודה, און האָבן געלערנט צווישן דעם פאָלק.

10 און אַ פּחד פון גאָט איז געווען אויף אַלע מלוכות פון די לענדער וואָס אַרום יהודה, און זיי האָבן ניט מלחמה געהאַלטן מיט יהושָפָטן. 11 און פון די פּלִשתּים האָט מען געבראַכט יהושָפָטן מתנות, און זילבער אַ לאָדונג; אויך די אַראַבער האָבן אים געבראַכט שאָף: זיבן טויזנט און זיבן הונדערט ווידערס, און זיבן טויזנט און זיבן הונדערט בעק. 12 און יהושָפָט איז געוואָרן אַלץ גרעסער, ביז גאָר הויך; און ער האָט געבויט אין יהודה פּאַלאַצן און שפּייכלערשטעט. 13 און אַ גרויסע ווירטשאַפט האָט ער געהאַט אין די שטעט פון יהודה; און מלחמה־לייט, העלדישע גיבורים, אין ירושָלַיִם.

14 און דאָס איז געווען זייער ציילונג לויט זייערע פאָטערהייזער: פון יהודה, הויפּטלייט פון טויזנט: עַדנָה דער הויפּטמאַן, און מיט אים העלדישע גיבורים דריי הונדערט טויזנט; 15 און לעבן אים: יהוחָנָן דער הויפּטמאַן, און מיט אים צוויי הונדערט און אַכציק טויזנט; 16 און לעבן אים: עַמַסיָה דער זון פון זכרין, וואָס האָט זיך פריי־וויליק אָנגעבאָטן פאַר גאָט, און מיט אים צוויי הונדערט טויזנט העלדישע גיבורים. 17 און פון בנימין: אַ העלדישער גיבור, אֶליָדָע און מיט אים באַוואָפנטע מיט בויגנס און שילדן, צוויי הונדערט טויזנט; 18 און לעבן אים: יהוזָבָד, און מיט

יט אַלְפֵי חֲלוּצֵי צָבָא׃ אֵלֶּה הַמְשָׁרְתִים אֶת־הַמֶּלֶךְ
מִלְּבַד אֲשֶׁר־נָתַן הַמֶּלֶךְ בְּעָרֵי הַמִּבְצָר בְּכָל־יְהוּדָה׃

יח

א ב וַיְהִי לִיהוֹשָׁפָט עֹשֶׁר וְכָבוֹד לָרֹב וַיִּתְחַתֵּן לְאַחְאָב׃ וַיֵּרֶד
לְקֵץ שָׁנִים אֶל־אַחְאָב לְשֹׁמְרוֹן וַיִּזְבַּח־לוֹ אַחְאָב צֹאן
וּבָקָר לָרֹב וְלָעָם אֲשֶׁר־עִמּוֹ וַיְסִיתֵהוּ לַעֲלוֹת אֶל־רָמֹת
ג גִּלְעָד׃ וַיֹּאמֶר אַחְאָב מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ
יְהוּדָה הֲתֵלֵךְ עִמִּי רָמֹת גִּלְעָד וַיֹּאמֶר לוֹ כָּמוֹנִי כָמוֹךָ
ד וּכְעַמְּךָ עַמִּי וְעִמְּךָ בַּמִּלְחָמָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשָׁפָט אֶל־מֶלֶךְ
ה יִשְׂרָאֵל דְּרָשׁ־נָא כַיּוֹם אֶת־דְּבַר יְהוָה׃ וַיִּקְבֹּץ מֶלֶךְ־
יִשְׂרָאֵל אֶת־הַנְּבִאִים אַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם
הֲנֵלֵךְ אֶל־רָמֹת גִּלְעָד לַמִּלְחָמָה אִם־אֶחְדָּל וַיֹּאמְרוּ עֲלֵה
ו וְיִתֵּן הָאֱלֹהִים בְּיַד הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשָׁפָט הַאֵין פֹּה
ז נָבִיא לַיהוָה עוֹד וְנִדְרְשָׁה מֵאֹתוֹ׃ וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל ׀
אֶל־יְהוֹשָׁפָט עוֹד אִישׁ־אֶחָד לִדְרוֹשׁ אֶת־יְהוָה מֵאֹתוֹ
וַאֲנִי שְׂנֵאתִיהוּ כִּי אֵינֶנּוּ מִתְנַבֵּא עָלַי לְטוֹבָה כִּי כָל־יָמָיו
לְרָעָה הוּא מִיכָיְהוּ בֶּן־יִמְלָא וַיֹּאמֶר יְהוֹשָׁפָט אַל־יֹאמַר
ח הַמֶּלֶךְ כֵּן׃ וַיִּקְרָא מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל אֶל־סָרִיס אֶחָד וַיֹּאמֶר
ט מַהֵר מִיכָהוּ בֶן־יִמְלָא׃ וּמֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וִיהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ־
יְהוּדָה יוֹשְׁבִים אִישׁ עַל־כִּסְאוֹ מְלֻבָּשִׁים בְּגָדִים וְיֹשְׁבִים
בְּגֹרֶן פֶּתַח שַׁעַר שֹׁמְרוֹן וְכָל־הַנְּבִיאִים מִתְנַבְּאִים לִפְנֵיהֶם׃
י וַיַּעַשׂ לוֹ צִדְקִיָּהוּ בֶן־כְּנַעֲנָה קַרְנֵי בַרְזֶל וַיֹּאמֶר כֹּה־אָמַר
יא יְהוָה בְּאֵלֶּה תְּנַגַּח אֶת־אֲרָם עַד־כַּלּוֹתָם׃ וְכָל־הַנְּבִאִים
נִבְּאִים כֵּן לֵאמֹר עֲלֵה רָמֹת גִּלְעָד וְהַצְלַח וְנָתַן יְהוָה בְּיַד
יב הַמֶּלֶךְ׃ וְהַמַּלְאָךְ אֲשֶׁר־הָלַךְ ׀ לִקְרֹא לְמִיכָיְהוּ דִּבֶּר אֵלָיו
לֵאמֹר הִנֵּה דִבְרֵי הַנְּבִאִים פֶּה־אֶחָד טוֹב אֶל־הַמֶּלֶךְ וִיהִי־
יג נָא דְבָרְךָ כְּאַחַד מֵהֶם וְדִבַּרְתָּ טּוֹב׃ וַיֹּאמֶר מִיכָיְהוּ חַי־

ח׳ מיכיהו קרי

אים הונדערט און אַכציק טויזנט געוואָפנטע צום קריג.
19 דאָס זיינען די וואָס האָבן באַדינט דעם מלך, אַחוץ וואָס
דער מלך האָט געשטעלט אין די פעסטונגשטעט אין גאַנץ
יהודה.

יח 1 און יהושָפָט האָט געהאַט פיל עושר און כבוד;
און ער האָט זיך מתחתן געווען מיט אַחְאָבן. 2 און
נאָך אַ פאַרלויף פון יאָרן האָט ער אַראָפּגענידערט צו
אַחְאָבן קיין שומרון, און אַחְאָב האָט געשלאַכט פאַר אים
און פאַר דעם פאָלק וואָס מיט אים שאָף און רינדער אַ
סך, און ער האָט אים איינגערעדט אַרויפצוגיין קיין רָמות־
גִלעָד. 3 און אַחְאָב דער מלך פון ישׂראל האָט געזאָגט
צו יהושָפָט דעם מלך פון יהודה: ווילסטו גיין מיט מיר
קיין רָמות־גִלעָד? האָט ער געזאָגט: אַזוי ווי דו אַזוי איך,
און אַזוי ווי דיין פאָלק מיין פאָלק, און אין איינעם מיט דיר
אויף מלחמה.

4 און יהושָפָט האָט געזאָגט צו דעם מלך פון ישׂראל:
פרעג היינט, איך בעט דיך, דאָס וואָרט פון גאָט.

5 האָט דער מלך פון ישׂראל אַיינגעזאַמלט די
נביאים, פיר הונדערט מאַן, און ער האָט צו זיי געזאָגט:
זאָלן מיר גיין קיין רָמות־גִלעָד אויף מלחמה, אָדער זאָל
איך אָפּשטיין? האָבן זיי געזאָגט: גיי אַרויף, און גאָט וועט
זי געבן אין דער האַנט פון מלך.

6 האָט יהושָפָט געזאָגט: איז דאָ ניטאָ נאָך אַ נביא
פון גאָט, אַז מיר זאָלן פרעגן בײַ אים? 7 האָט דער מלך
פון ישׂראל געזאָגט צו יהושָפָטן: פאַראַן נאָך איין מאַן אויף צו פרעגן בײַ גאָט דורך אים, אָבער איך האָב אים פיינט,
ווייל ער זאָגט ניט אויף מיר נביאות צום גוטן, נייערט אַלע ויינע טעג צום שלעכטן; דאָס איז מיכָיהו דער זון פון
יִמלאָן. האָט יהושָפָט געזאָגט: זאָל דער מלך אַזוי ניט רעדן.

8 האָט דער מלך פון ישׂראל צוגערופן אַ הויפדינער, און האָט געזאָגט: ברענג אויף גיך מיכָיהו דעם זון פון יִמלאָן.

9 און דער מלך פון ישׂראל און יהושָפָט דער מלך פון יהודה זיינען געזעסן איטלעכער אויף זיין טראָן אָנגע־
קליידט אין בִגדֵי־מַלכות; און זיי זיינען געזעסן אין אַ שייער בײַ דעם טויעראַיינגאַנג פון שומרון, און אַלע נביאים
האָבן נביאות געזאָגט פאַר זיי. 10 און צִדקִיָהו דער זון פון כּנַעֲנָהן האָט זיך געמאַכט אַייזערנע הערנער, און ער האָט
געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: מיט די דאָזיקע וועסטו שטויסן די אַרַמים ביז זיי צו פאַרלענדן. 11 און אַלע נביאים
האָבן נביאות געזאָגט דעסגלייכן, אַזוי צו זאָגן: גיי אויף רָמות־גִלעָד, און באַגליק, און גאָט וועט זי געבן אין דער
האַנט פון מלך.

12 און דער שליח וואָס איז געגאַנגען רופן מיכָיהון, האָט גערעדט צו אים, אַזוי צו זאָגן: זע, די ווערטער פון די נביאים
זיינען ווי איין מויל גוטס אויפן מלך; טאָ זאָל, איך בעט דיך, דיין וואָרט זיין אַזוי ווי פון איינעם פון זיי, און רעד גוטס. 13 האָט

יד יְהוָה כִּי אֶת־אֲשֶׁר־יֹאמַר אֱלֹהַי אֹתוֹ אֲדַבֵּר׃ וַיָּבֹא אֶל־
הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֵלָיו מִיכָה הֲנֵלֵךְ אֶל־רָמֹת גִּלְעָד
לַמִּלְחָמָה אִם־אֶחְדָּל וַיֹּאמֶר עֲלוּ וְהַצְלִיחוּ וְיִנָּתְנוּ בְּיֶדְכֶם׃
טו וַיֹּאמֶר אֵלָיו הַמֶּלֶךְ עַד־כַּמֶּה פְעָמִים אֲנִי מַשְׁבִּיעֶךָ אֲשֶׁר
טז לֹא־תְדַבֵּר אֵלַי רַק אֱמֶת בְּשֵׁם יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר רָאִיתִי אֶת־
כָּל־יִשְׂרָאֵל נְפוֹצִים עַל־הֶהָרִים כַּצֹּאן אֲשֶׁר אֵין־לָהֶן רֹעֶה
וַיֹּאמֶר יְהוָה לֹא־אֲדֹנִים לָאֵלֶּה יָשׁוּבוּ אִישׁ־לְבֵיתוֹ בְּשָׁלוֹם׃
יז וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוֹשָׁפָט הֲלֹא אָמַרְתִּי אֵלֶיךָ לֹא־
יח יִתְנַבֵּא עָלַי טוֹב כִּי אִם־לְרָע׃ וַיֹּאמֶר לָכֵן שִׁמְעוּ
דְבַר־יְהוָה רָאִיתִי אֶת־יְהוָה יוֹשֵׁב עַל־כִּסְאוֹ וְכָל־צְבָא
יט הַשָּׁמַיִם עֹמְדִים עַל־יְמִינוֹ וּשְׂמֹאלוֹ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה מִי
יְפַתֶּה אֶת־אַחְאָב מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וְיַעַל וְיִפֹּל בְּרָמוֹת גִּלְעָד
כ וַיֹּאמֶר זֶה אֹמֵר כָּכָה וְזֶה אֹמֵר כָּכָה׃ וַיֵּצֵא הָרוּחַ וַיַּעֲמֹד
לִפְנֵי יְהוָה וַיֹּאמֶר אֲנִי אֲפַתֶּנּוּ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָיו בַּמָּה׃
כא וַיֹּאמֶר אֵצֵא וְהָיִיתִי לְרוּחַ שֶׁקֶר בְּפִי כָּל־נְבִיאָיו וַיֹּאמֶר
כב תְּפַתֶּה וְגַם־תּוּכָל צֵא וַעֲשֵׂה־כֵן׃ וְעַתָּה הִנֵּה נָתַן יְהוָה
רוּחַ שֶׁקֶר בְּפִי נְבִיאֶיךָ אֵלֶּה וַיהוָה דִּבֶּר עָלֶיךָ רָעָה׃
כג וַיִּגַּשׁ צִדְקִיָּהוּ בֶן־כְּנַעֲנָה וַיַּךְ אֶת־מִיכָיְהוּ עַל־הַלֶּחִי וַיֹּאמֶר
כד אֵי זֶה הַדֶּרֶךְ עָבַר רוּחַ־יְהוָה מֵאִתִּי לְדַבֵּר אֹתָךְ׃ וַיֹּאמֶר
מִיכָיְהוּ הִנְּךָ רֹאֶה בַּיּוֹם הַהוּא אֲשֶׁר תָּבוֹא חֶדֶר בְּחֶדֶר
כה לְהֵחָבֵא׃ וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל קְחוּ אֶת־מִיכָיְהוּ וַהֲשִׁיבֻהוּ
כו אֶל־אָמוֹן שַׂר־הָעִיר וְאֶל־יוֹאָשׁ בֶּן־הַמֶּלֶךְ׃ וַאֲמַרְתֶּם כֹּה
אָמַר הַמֶּלֶךְ שִׂימוּ זֶה בֵּית הַכֶּלֶא וְהַאֲכִלֻהוּ לֶחֶם לַחַץ
כז וּמַיִם לַחַץ עַד שׁוּבִי בְשָׁלוֹם׃ וַיֹּאמֶר מִיכָיְהוּ אִם־שׁוֹב
תָּשׁוּב בְּשָׁלוֹם לֹא־דִבֶּר יְהוָה בִּי וַיֹּאמֶר שִׁמְעוּ עַמִּים
כח כֻּלָּם׃ וַיַּעַל מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וִיהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ־יְהוּדָה
כט אֶל־רָמֹת גִּלְעָד׃ וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוֹשָׁפָט הִתְחַפֵּשׂ

יח' בס"א צבא השמים עמדים   כא' קמץ בז"ק

מיכָיהו גערואָגט: אַזוי ווי עס לעבט יהוה, אַז דאָס וואָס מיין גאָט וועט זאָגן, דאָס וועל איך רעדן!

[14] און ווי ער איז געקומען צום מלך, האָט דער מלך צו אים געזאָגט: מיכָה, זאָלן מיר גיין קיין רָמות־גִלעָד אויף מלחמה, אָדער זאָל איך אָפּשטיין? האָט ער געזאָגט: גייט אַרויף און באַגליקט, און זיי וועלן געגעבן ווערן אין אײַער האַנט. [15] האָט דער מלך צו אים געזאָגט: ביז וויפיל מאָל זאָל איך דיך באַשווערן, אַז דו זאָלסט ניט רעדן צו מיר נאָר דעם אמת אין נאָמען פון גאָט? [16] האָט ער געזאָגט: איך האָב געזען גאַנץ ישׂראל צעשפּרייט אויף די בערג, אַזוי ווי שאָף וואָס האָבן ניט קיין פּאַסטוך, און גאָט האָט געזאָגט: אָן אַ האַר זיינען די דאָזיקע; זאָלן זיי זיך אומקערן איטלעכער צו זיין הויז בשלום. [17] האָט דער מלך פון ישׂראל געזאָגט צו יהוֹשָפָטן: האָב איך דיר ניט געזאָגט, ער וועט ניט נביאות זאָגן אויף מיר גוטס, נייערט צום שלעכטן?

[18] האָט ער געזאָגט: דרום הערט דאָס וואָרט פון גאָט: איך האָב געזען ווי גאָט זיצט אויף זיין טראָן, און דער גאַנצער חיל פון הימל שטייט אויף זיין רעכטער זייט און אויף זיין לינקער. [19] און גאָט האָט געזאָגט: ווער וועט אָנרעדן אַחאָב דעם מלך פון ישׂראל, ער זאָל אַרויפֿגיין, און פאַלן אין רָמות־גִלעָד? האָט מען גערעדט: דער זאָגט אַזוי, און דער זאָגט אַזוי. [20] איז אַרויסגעגאַנגען דער גייסט, און האָט זיך געשטעלט פאַר גאָט, און האָט געזאָגט: איך וועל אים אָנרעדן. האָט גאָט צו אים געזאָגט: מיט וואָס? [21] האָט ער געזאָגט: איך וועל אַרויסגיין און ווערן פאַר אַ גייסט פון ליגן אין מויל פון אַלע זיינע נביאים. האָט ער געזאָגט: וועסט אָנרעדן, און וועסט אויך אויספירן; גיי אַרויס און טו אַזוי. [22] און אַצונד, זע, גאָט האָט אַריינגעגעבן אַ גייסט פון ליגן אין דעם מויל פון די דאָזיקע נביאים דיינע, אָבער גאָט האָט אָנגעזאָגט אויף דיר שלעכטס.

[23] האָט גענענט צִדקִיָהו דער זון פון כּנַעֲנָהן, און האָט געשלאָגן מיכָיהון אויפן באַק, און האָט געזאָגט: אויף וואָסער וועג איז דער גייסט פון גאָט אַוועקגעגאַנגען פון מיר כדי צו רעדן מיט דיר? [24] האָט מיכָיהו געזאָגט: אָט וועסטו זען אין יענעם טאָג, ווען דו וועסט אַריינגיין אין אַ קאַמער הינטער אַ קאַמער זיך צו באַהאַלטן.

[25] האָט דער מלך פון ישׂראל געזאָגט: נעמט מיכָיהון, און גיט אים אָפּ צו אָמון דעם האַר פון דער שטאָט, און צו יוֹאָש דעם מלכס זון, [26] און איר זאָלט זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט דער מלך: טוט אַריין דעמדאָזיקן אין גע־פענקעניש, און שפּייזט אים מיט קאַרג ברויט און קאַרג וואַסער, ביז איך קער זיך אום בשלום. [27] האָט מיכָיהו געזאָגט: אויב אומקערן וועסטו זיך אומקערן בשלום, האָט גאָט ניט גערעדט דורך מיר. און ער האָט געזאָגט: הערט דאָס צו, איר פעלקער אַלע.

[28] און דער מלך פון ישׂראל און יהוֹשָפָט דער מלך פון יהודה זיינען אַרויפגעגאַנגען קיין רָמות־גִלעָד. [29] און דער מלך פון ישׂראל האָט געזאָגט צו יהוֹשָפָטן: איך וועל זיך פאַרשטעלן, און וועל אַריינגיין אין דער מלחמה, און דו טראָג דיינע קליידער.

וָבוֹא בַמִּלְחָמָה וְאַתָּה לְבַשׁ בְּגָדֶיךָ וַיִּתְחַפֵּשׂ מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל
ל וַיָּבֹאוּ בַּמִּלְחָמָה׃ וּמֶלֶךְ אֲרָם צִוָּה אֶת־שָׂרֵי הָרֶכֶב אֲשֶׁר־
לוֹ לֵאמֹר לֹא תִּלָּחֲמוּ אֶת־הַקָּטֹן אֶת־הַגָּדוֹל כִּי אִם־אֶת־
לא מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל לְבַדּוֹ׃ וַיְהִי כִּרְאוֹת שָׂרֵי הָרֶכֶב אֶת־יְהוֹשָׁפָט
וְהֵמָּה אָמְרוּ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל הוּא וַיָּסֹבּוּ עָלָיו לְהִלָּחֵם וַיִּזְעַק
לב יְהוֹשָׁפָט וַיהוָה עֲזָרוֹ וַיְסִיתֵם אֱלֹהִים מִמֶּנּוּ׃ וַיְהִי כִּרְאוֹת
שָׂרֵי הָרֶכֶב כִּי לֹא־הָיָה מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וַיָּשׁוּבוּ מֵאַחֲרָיו׃
לג וְאִישׁ מָשַׁךְ בַּקֶּשֶׁת לְתֻמּוֹ וַיַּךְ אֶת־מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל בֵּין הַדְּבָקִים
וּבֵין הַשִּׁרְיָן וַיֹּאמֶר לָרַכָּב הֲפֹךְ יָדֶיךָ וְהוֹצֵאתַנִי מִן־
לד הַמַּחֲנֶה כִּי הָחֳלֵיתִי׃ וַתַּעַל הַמִּלְחָמָה בַּיּוֹם הַהוּא וּמֶלֶךְ
יִשְׂרָאֵל הָיָה מַעֲמִיד בַּמֶּרְכָּבָה נֹכַח אֲרָם עַד־הָעָרֶב וַיָּמָת
לְעֵת בּוֹא הַשָּׁמֶשׁ׃

## יט

א וַיָּשָׁב יְהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ־יְהוּדָה אֶל־בֵּיתוֹ בְשָׁלוֹם לִירוּשָׁלִָם׃
ב וַיֵּצֵא אֶל־פָּנָיו יֵהוּא בֶן־חֲנָנִי הַחֹזֶה וַיֹּאמֶר אֶל־הַמֶּלֶךְ
יְהוֹשָׁפָט הֲלָרָשָׁע לַעְזֹר וּלְשֹׂנְאֵי יְהוָה תֶּאֱהָב וּבָזֹאת
ג עָלֶיךָ קֶּצֶף מִלִּפְנֵי יְהוָה׃ אֲבָל דְּבָרִים טוֹבִים נִמְצְאוּ
עִמָּךְ כִּי־בִעַרְתָּ הָאֲשֵׁרוֹת מִן־הָאָרֶץ וַהֲכִינוֹתָ לְבָבְךָ לִדְרֹשׁ
ד הָאֱלֹהִים׃ וַיֵּשֶׁב יְהוֹשָׁפָט בִּירוּשָׁלִָם וַיָּשָׁב וַיֵּצֵא בָעָם
מִבְּאֵר שֶׁבַע עַד־הַר אֶפְרַיִם וַיְשִׁיבֵם אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵי
ה אֲבוֹתֵיהֶם׃ וַיַּעֲמֵד שֹׁפְטִים בָּאָרֶץ בְּכָל־עָרֵי יְהוּדָה
ו הַבְּצֻרוֹת לְעִיר וָעִיר׃ וַיֹּאמֶר אֶל־הַשֹּׁפְטִים רְאוּ מָה־אַתֶּם
עֹשִׂים כִּי לֹא לְאָדָם תִּשְׁפְּטוּ כִּי לַיהוָה וְעִמָּכֶם בִּדְבַר
ז מִשְׁפָּט׃ וְעַתָּה יְהִי פַחַד־יְהוָה עֲלֵיכֶם שִׁמְרוּ וַעֲשׂוּ כִּי־
אֵין עִם־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ עַוְלָה וּמַשֹּׂא פָנִים וּמִקַּח־שֹׁחַד׃
ח וְגַם בִּירוּשָׁלִַם הֶעֱמִיד יְהוֹשָׁפָט מִן־הַלְוִיִּם וְהַכֹּהֲנִים
וּמֵרָאשֵׁי הָאָבוֹת לְיִשְׂרָאֵל לְמִשְׁפַּט יְהוָה וְלָרִיב וַיָּשֻׁבוּ

---

לג׳ יתיר י

און דער מלך פון ישׂראל האָט זיך פֿאַרשטעלט, און זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין דער מלחמה.

30 און דער מלך פון אַרם האָט באַפוילן די הויפּט־לייט פון זיינע רייטוועגן, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט ניט מלחמה האַלטן מיט קליין אָדער גרויס, נאָר מיטן מלך פון ישׂראל אַליין. 31 און עס איז געווען, ווי די הויפּטלייט פון די רייטוועגן האָבן געזען יהושָפָטן, אַזוי האָבן זיי געזאָגט: דאָס איז דער מלך פון ישׂראל. און זיי האָבן אים אַרומגערינגלט מלחמה צו האַלטן. האָט יהושָפָט אַ געשריי געטאָן, און יהוה האָט אים געהאָלפן, און גאָט האָט זיי אָפּגעצויגן פון אים. 32 וואָרום עס איז געווען, ווי די הויפּטלייט פון די רייטוועגן האָבן געזען אַז דאָס איז ניט דער מלך פון ישׂראל, אַזוי זיינען זיי אָפּגעטרעטן פון הינטער אים.

33 און אַ מאַן האָט אָנגעצויגן זיין בויגן גלאַט אין דער וועלט, און האָט געטראָפן דעם מלך פון ישׂראל צווישן דעם אונטערפּאַנצער און צווישן דעם ברוסטשילד. האָט ער געזאָגט צו דעם טרייבער: פֿאַרקער דיין האַנט, און זאָלסט מיך אַרויספירן פון דער מחנה, וואָרום איך בין פֿאַרוואונדט געוואָרן.

34 און די מלחמה איז געשטיגן אין יענעם טאָג; און דער מלך פון ישׂראל האָט זיך אויפגעהאַלטן שטייענדיק אין דעם רייטוואָגן אַנטקעגן די אַרַמים ביזן אָוונט; און אַקעגן דער צייט פון זונאונטערגאַנג איז ער געשטאָרבן.

יט 1 און יהושָפָט דער מלך פון יהודה האָט זיך אומגעקערט אַהיים בשלום קיין ירושָלַיִם. 2 איז אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן יֵהוא דער זון פון חֲנָנִין, דער זעער, און ער האָט געזאָגט צום מלך יהושָפָט: האָסטו געטאָרט העלפן דעם רשע, און ליב האָבן די שׂונאים פון גאָט? און פון וועגן דעם איז אויף דיר אַ צאָרן פון פֿאַר גאָט. 3 אָבער גוטע זאַכן געפינען זיך אין דיר, וואָס דו האָסט אויסגעראַמט די געצנביימער פון לאַנד, און געקערט דיין האַרץ צו זוכן גאָט.

4 און יהושָפָט איז געזעסן אין ירושָלַיִם. אָבער ער איז ווידער אַרויסגעגאַנגען צווישן פֿאָלק, פון באֵר־שֶבַע ביזן באַרג אפרים, און האָט זיי אומגעקערט צו יהוה דעם גאָט פון זייערע עלטערן. 5 און ער האָט אויפגעשטעלט ריכטער אין לאַנד, אין אַלע באַפעסטיקטע שטעט פון יהודה, שטאָט פֿאַר שטאָט. 6 און ער האָט אָנגעזאָגט די ריכטער: זעט וואָס איר טוט, וואָרום ניט פֿאַר אַ מענטשן משפּט איר, נאָר פֿאַר גאָט, און ער איז לעבן אײַך ביים אַרויסזאָגן אַ משפּט. 7 און אַצונד, זאָל די מורא פֿאַר גאָט זיין אויף אײַך; היט אײַך וואָס איר טוט, וואָרום ביי יהוה אונדזער גאָט איז ניטאָ קיין אומרעכט, אָדער שוינען עמיצן, אָדער נעמען שוחד.

8 און אויך אין ירושָלַיִם האָט יהושָפָט אויפגעשטעלט פון די לוִיִים און די כֹּהנים, און פון די הויפּטן פון די פּאָטערהייזער פון ישׂראל, פֿאַר משפּטים פון גאָט, און פֿאַר שטרייטזאַכן. און זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין

ט יְרוּשָׁלִָם׃ וַיְצַו עֲלֵיהֶם לֵאמֹר כֹּה תַעֲשׂוּן בְּיִרְאַת יְהוָה
י בֶּאֱמוּנָה וּבְלֵבָב שָׁלֵם׃ וְכָל־רִיב אֲשֶׁר־יָבוֹא עֲלֵיכֶם
מֵאֲחֵיכֶם ׀ הַיֹּשְׁבִים בְּעָרֵיהֶם בֵּין־דָּם ׀ לְדָם בֵּין־תּוֹרָה
לְמִצְוָה לְחֻקִּים וּלְמִשְׁפָּטִים וְהִזְהַרְתֶּם אֹתָם וְלֹא יֶאְשְׁמוּ
לַיהוָה וְהָיָה־קֶצֶף עֲלֵיכֶם וְעַל־אֲחֵיכֶם כֹּה תַעֲשׂוּן וְלֹא
יא תֶאְשָׁמוּ׃ וְהִנֵּה אֲמַרְיָהוּ כֹהֵן הָרֹאשׁ עֲלֵיכֶם לְכֹל ׀ דְּבַר
יְהוָה וּזְבַדְיָהוּ בֶן־יִשְׁמָעֵאל הַנָּגִיד לְבֵית־יְהוּדָה לְכֹל
דְּבַר־הַמֶּלֶךְ וְשֹׁטְרִים הַלְוִיִּם לִפְנֵיכֶם חִזְקוּ וַעֲשׂוּ וִיהִי
יְהוָה עִם־הַטּוֹב׃

כ

א וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן בָּאוּ בְנֵי־מוֹאָב וּבְנֵי עַמּוֹן וְעִמָּהֶם ׀
ב מֵהָעַמּוֹנִים עַל־יְהוֹשָׁפָט לַמִּלְחָמָה׃ וַיָּבֹאוּ וַיַּגִּידוּ לִיהוֹשָׁפָט
לֵאמֹר בָּא עָלֶיךָ הָמוֹן רָב מֵעֵבֶר לַיָּם מֵאֲרָם וְהִנָּם
ג בְּחַצְצוֹן תָּמָר הִיא עֵין גֶּדִי׃ וַיִּרָא וַיִּתֵּן יְהוֹשָׁפָט אֶת־
ד פָּנָיו לִדְרוֹשׁ לַיהוָה וַיִּקְרָא־צוֹם עַל־כָּל־יְהוּדָה׃ וַיִּקָּבְצוּ
יְהוּדָה לְבַקֵּשׁ מֵיְהוָה גַּם מִכָּל־עָרֵי יְהוּדָה בָּאוּ לְבַקֵּשׁ
ה אֶת־יְהוָה׃ וַיַּעֲמֹד יְהוֹשָׁפָט בִּקְהַל יְהוּדָה וִירוּשָׁלִַם
ו בְּבֵית יְהוָה לִפְנֵי הֶחָצֵר הַחֲדָשָׁה׃ וַיֹּאמַר יְהוָה אֱלֹהֵי
אֲבֹתֵינוּ הֲלֹא אַתָּה־הוּא אֱלֹהִים בַּשָּׁמַיִם וְאַתָּה מוֹשֵׁל
בְּכֹל מַמְלְכוֹת הַגּוֹיִם וּבְיָדְךָ כֹּחַ וּגְבוּרָה וְאֵין עִמְּךָ
ז לְהִתְיַצֵּב׃ הֲלֹא ׀ אַתָּה אֱלֹהֵינוּ הוֹרַשְׁתָּ אֶת־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ
הַזֹּאת מִלִּפְנֵי עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל וַתִּתְּנָהּ לְזֶרַע אַבְרָהָם אֹהַבְךָ
ח לְעוֹלָם׃ וַיֵּשְׁבוּ־בָהּ וַיִּבְנוּ לְךָ ׀ בָּהּ מִקְדָּשׁ לְשִׁמְךָ לֵאמֹר׃
ט אִם־תָּבוֹא עָלֵינוּ רָעָה חֶרֶב שְׁפוֹט וְדֶבֶר וְרָעָב נַעַמְדָה
לִפְנֵי הַבַּיִת הַזֶּה וּלְפָנֶיךָ כִּי שִׁמְךָ בַּבַּיִת הַזֶּה וְנִזְעַק
י אֵלֶיךָ מִצָּרָתֵנוּ וְתִשְׁמַע וְתוֹשִׁיעַ׃ וְעַתָּה הִנֵּה בְנֵי־עַמּוֹן
וּמוֹאָב וְהַר־שֵׂעִיר אֲשֶׁר לֹא־נָתַתָּה לְיִשְׂרָאֵל לָבוֹא בָהֶם

כ, ח׳ כצל

ירושָׁלַיִם. 9 און ער האָט זיי באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: אַזוי זאָלט איר זיך באַגיין: מיט מורא פאַר גאָט, מיט געטריישאַפט, און מיט אַ גאַנצן האַרצן. 10 און בײַ יעטוועדער שטרייט וואָס וועט קומען פאַר אײַך פון אײַערע ברידער וואָס זיצן אין זייערע שטעט, צווישן בלוט און בלוט, צווישן לערנונגען און געבאָט, חוקים און געזעצן, זאָלט איר זיי וואָרענען, זיי זאָלן זיך ניט פאַרשולדיקן צו גאָט, אַז עס זאָל זיין אַ צאָרן אויף אײַך און אויף אײַערע ברידער; אַזוי זאָלט איר טאָן, און איר וועט זיך ניט פאַרשולדיקן. 11 און אָט איז אַמַריָהו דער כֹּהן־גָדול איבער אײַך פאַר אַלע זאַכן פון גאָט, און זבַדיָהו דער זון פון יִשמָעֵאלן, דער פירשט פון דעם הויז פון יהודה, פאַר אַלע זאַכן פון מלך; און אויפזעערס זיינען די לוִיִים פאַר אײַך; זייט שטאַרק און טוט, און גאָט וועט זיין מיט דעם גוטן.

כ 1 און עס איז געווען נאָך דעם, זיינען געקומען די קינדער פון מואָב, און די קינדער פון עַמון, און מיט זיי פון די עַמונים, אַקעגן יהושָפָטן אויף מלחמה. 2 איז מען געקומען און מע האָט אָנגעזאָגט יהושָפָטן, אַזוי צו זאָגן: אויף דיר קומט אַ גרויסער המון פון יענער זייט ים, פון אַרָם, און זע, זיי זיינען אין חַצְצוֹן־תָּמָר, דאָס איז עֵין־גֶדי. 3 האָט יהושָפָט מורא געקריגן, און ער האָט געקערט זיין פנים צו זוכן גאָט, און ער האָט אויסגערופן אַ תָּענית איבער גאַנץ יהודה. 4 און יהודה האָט זיך אײַנגעזאַמלט צו בעטן בײַ גאָט; יאָ, פון אַלע שטעט פון יהודה איז מען געקומען צו זוכן גאָט. 5 און יהושָפָט האָט זיך געשטעלט אין דער אײַנזאַמלונג פון יהודה און ירושָלַיִם, אין הויז פון גאָט, פאַר דעם נייען הויף, 6 און ער האָט געזאָגט: יהוה דו גאָט פון אונדזערע עלטערן, דו ביסט דאָך גאָט אין הימל, און דו געוועלטיקסט איבער אַלע קיניגרייכן פון די פעלקער, און אין דיין האַנט איז כּוח און גבורה, און אַקעגן דיר איז זיך ניט צו שטעלן. 7 דו אונדזער גאָט, האָסט דאָך פאַרטריבן די באַוווינער פון דעמדאָזיקן לאַנד פון פאַר דיין פאָלק ישראל, און האָסט עס אַוועקגעגעבן צו דעם זאָמען פון אַברהם דיין ליבהאָבער, אויף אייביק. 8 און זיי זיינען געזעסן דרינען, און האָבן דיר געבויט דרינען אַ הייליקטום צו דיין נאָמען, אַזוי צו זאָגן: 9 אַז עס וועט קומען אויף אונדז אַן אומגליק, אַ שווערד, אַ משפט, אָדער אַ מגפה, אָדער אַ הונגער, וועלן מיר זיך שטעלן פאַר דעמדאָזיקן הויז און פאַר דיר – וואָרום דיין נאָמען איז אין דעמדאָזיקן הויז – און מיר וועלן שרייען צו דיר אין אונדזער נויט, און דו וועסט צוהערן און וועסט העלפן. 10 און אַצונד, אָט זיינען די קינדער פון עַמון און מואָב און דעם באַרג שֵׂעִיר, וואָס דו האָסט ניט געלאָזט ישראל

אַריינגיין צו זיי, ווען זיי זיינען געקומען פון לאַנד מִצְרַיִם, נייערט זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פון זיי, און האָבן זיי ניט פאַרטיליקט. [11] און אָט פאַרגעלטן זיי אונדז, צו קומען אונדז פאַרטרייבן פון דיין אַרבֿ וואָס דו האָסט אונדז געמאַכט אַרבֿן. [12] גאָט אונדזערער, ווילסטו ניט טאָן אַ משפּט אויף זיי? וואָרום אין אונדז איז ניטאָ קיין כּוח אַקעגן דעמדאָזיקן גרויסן המון וואָס קומט אויף אונדז, און מיר ווייסן ניט וואָס מיר זאָלן טאָן, נייערט אויף דיר זיינען אונדזערע אויגן.

[13] און גאַנץ יהודה זיינען געשטאַנען פאַר גאָט; אויך זייערע קליינע קינדער און זייערע ווייבער און זייערע זין.

[14] איז אויף יַחזיאֵל דעם זון פון זכַריָהו, דעם זון פון בּנָיָה, דעם זון פון יעִיאֵל, דעם זון פון מַתַּניָה דעם לֵוִי, פון די קינדער פון אָסָף, געווען דער גייסט פון גאָט, אין מיטן פון דער אַיינזאַמלונג. [15] און ער האָט געזאָגט: פאַרנעמט, גאַנץ יהודה, און באַוווינער פון ירושָלַיִם, און מלך יהוֹשָפָט: אַזוי האָט גאָט צו אַייך געזאָגט: איר זאָלט ניט מוֹרא האָבן און ניט אַנגסטן פאַר דעמדאָזיקן גרויסן המון, וואָרום ניט אַייער מלחמה איז דאָס נאָר גאָטס. [16] מאָרגן נידערט אַראָפּ אויף זיי; זעט, זיי גייען אַרויף מיט דעם אַרויפגאַנג פון צִיץ, און איר וועט זיי טרעפן אין עק טאָל, פאַר דעם מדבּר פון ירוּאֵל. [17] ניט איר וועט דאָס מאָל דאַרפן מלחמה האַלטן; שטעלט אַייך אויס, שטייט, און זעט די ישועה פון גאָט מיט אַייך, יהודה און ירושָלַיִם; איר זאָלט ניט מוֹרא האָבן און ניט אַנגסטן, מאָרגן גייט אַרויס אַקעגן זיי, און גאָט וועט זיין מיט אַייך.

[18] האָט יהוֹשָפָט זיך געבייגט מיטן פּנים צו דער ערד, און גאַנץ יהודה און די באַוווינער פון ירושָלַיִם זיינען געפאַלן פאַר גאָט, זיך צו בוקן צו גאָט. [19] און די לוִיִים פון די קינדער פון די קהָתים, און פון די קינדער פון די קָרחים, זיינען אויפגעשטאַנען צו לויבן יהוה דעם גאָט פון ישׂראל אויף אַ גאָר הויכן קָול.

[20] און זיי האָבן זיך געפעדערט אין דער פרי, און זיינען אַרויסגעגאַנגען צום מדבּר פון תּקוֹעַ; און ביי זייער אַרויסגיין האָט יהוֹשָפָט זיך געשטעלט, און האָט געזאָגט: הערט מיך צו, יהודה און באַוווינער פון ירושָלַיִם: גלויבט אין יהוה אַייער גאָט, און איר וועט אָנהאַלטןא, גלויבט אין זיינע נביאים, און איר וועט באַגליקן.

[21] און ער האָט געהאַלטן אַן עצה מיטן פאָלק; און ער האָט געשטעלט זינגער צו גאָט וואָס זאָלן געבן אַ לויב אין הייליקער שיינקייט, ביים אַרויסגיין פאַר די באַוואָפנטע, און זאָגן: גיט אַ דאַנק צו גאָט, וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד. [22] און אין דער צייט וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן אַ געזאַנג און אַ לויב, האָט גאָט געשטעלט לויערער אויף די קינדער פון עַמון, מוֹאָב און דעם באַרג שֵׂעִיר, וואָס זיינען געקומען קיין יהודה; און זיי זיינען געשלאָגן געוואָרן. [23] וואָרום די קינדער פון עַמון און מוֹאָב האָבן זיך געשטעלט אַקעגן די באַוווינער פון באַרג שֵׂעִיר, צו פאַרוויסטן און צו פאַרטיליקן; און ווי זיי האָבן פאַרלענדט די באַוווינער פון באַרג שֵׂעִיר, האָבן זיי געהאָלפן אומצוברענגען איינער דעם אַנדערן.

[24] און יהודה איז געקומען צו דעם וואַכטורעם אין דער מדבּר, און ווי זיי האָבן זיך אומגעקוקט אויף דעם המון,

בְּבֹאָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם כִּי סָרוּ מֵעֲלֵיהֶם וְלֹא הִשְׁמִידוּם׃
יא וְהִנֵּה־הֵם גֹּמְלִים עָלֵינוּ לָבוֹא לְגָרְשֵׁנוּ מִיְּרֻשָּׁתְךָ אֲשֶׁר
יב הוֹרַשְׁתָּנוּ׃ אֱלֹהֵינוּ הֲלֹא תִשְׁפָּט־בָּם כִּי אֵין בָּנוּ כֹּחַ לִפְנֵי
הֶהָמוֹן הָרָב הַזֶּה הַבָּא עָלֵינוּ וַאֲנַחְנוּ לֹא נֵדַע מַה־נַּעֲשֶׂה
יג כִּי עָלֶיךָ עֵינֵינוּ׃ וְכָל־יְהוּדָה עֹמְדִים לִפְנֵי יְהוָה גַּם־טַפָּם
יד נְשֵׁיהֶם וּבְנֵיהֶם׃ וְיַחֲזִיאֵל בֶּן־זְכַרְיָהוּ בֶּן־בְּנָיָה בֶּן־
יְעִיאֵל בֶּן־מַתַּנְיָה הַלֵּוִי מִן־בְּנֵי אָסָף הָיְתָה עָלָיו רוּחַ יְהוָה
טו בְּתוֹךְ הַקָּהָל׃ וַיֹּאמֶר הַקְשִׁיבוּ כָל־יְהוּדָה וְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִַם
וְהַמֶּלֶךְ יְהוֹשָׁפָט כֹּה־אָמַר יְהוָה לָכֶם אַתֶּם אַל־תִּירְאוּ
וְאַל־תֵּחַתּוּ מִפְּנֵי הֶהָמוֹן הָרָב הַזֶּה כִּי לֹא לָכֶם הַמִּלְחָמָה
טז כִּי לֵאלֹהִים׃ מָחָר רְדוּ עֲלֵיהֶם הִנָּם עֹלִים בְּמַעֲלֵה הַצִּיץ
יז וּמְצָאתֶם אֹתָם בְּסוֹף הַנַּחַל פְּנֵי מִדְבַּר יְרוּאֵל׃ לֹא לָכֶם
לְהִלָּחֵם בָּזֹאת הִתְיַצְּבוּ עִמְדוּ וּרְאוּ אֶת־יְשׁוּעַת יְהוָה
עִמָּכֶם יְהוּדָה וִירוּשָׁלִַם אַל־תִּירְאוּ וְאַל־תֵּחַתּוּ מָחָר צְאוּ
יח לִפְנֵיהֶם וַיהוָה עִמָּכֶם׃ וַיִּקֹּד יְהוֹשָׁפָט אַפַּיִם אַרְצָה וְכָל־
יְהוּדָה וְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִַם נָפְלוּ לִפְנֵי יְהוָה לְהִשְׁתַּחֲוֺת
יט לַיהוָה׃ וַיָּקֻמוּ הַלְוִיִּם מִן־בְּנֵי הַקְּהָתִים וּמִן־בְּנֵי הַקָּרְחִים
כ לְהַלֵּל לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל בְּקוֹל גָּדוֹל לְמָעְלָה׃ וַיַּשְׁכִּימוּ
בַבֹּקֶר וַיֵּצְאוּ לְמִדְבַּר תְּקוֹעַ וּבְצֵאתָם עָמַד יְהוֹשָׁפָט
וַיֹּאמֶר שְׁמָעוּנִי יְהוּדָה וְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִַם הַאֲמִינוּ בַּיהוָה
כא אֱלֹהֵיכֶם וְתֵאָמֵנוּ הַאֲמִינוּ בִנְבִיאָיו וְהַצְלִיחוּ׃ וַיִּוָּעַץ
אֶל־הָעָם וַיַּעֲמֵד מְשֹׁרְרִים לַיהוָה וּמְהַלְלִים לְהַדְרַת־
קֹדֶשׁ בְּצֵאת לִפְנֵי הֶחָלוּץ וְאֹמְרִים הוֹדוּ לַיהוָה כִּי לְעוֹלָם
כב חַסְדּוֹ׃ וּבְעֵת הֵחֵלּוּ בְרִנָּה וּתְהִלָּה נָתַן יְהוָה ׀ מְאָרְבִים
עַל־בְּנֵי עַמּוֹן מוֹאָב וְהַר־שֵׂעִיר הַבָּאִים לִיהוּדָה וַיִּנָּגֵפוּ׃
כג וַיַּעַמְדוּ בְּנֵי עַמּוֹן וּמוֹאָב עַל־יֹשְׁבֵי הַר־שֵׂעִיר לְהַחֲרִים
וּלְהַשְׁמִיד וּכְכַלּוֹתָם בְּיוֹשְׁבֵי שֵׂעִיר עָזְרוּ אִישׁ־בְּרֵעֵהוּ
כד לְמַשְׁחִית׃ וִיהוּדָה בָּא עַל־הַמִּצְפֶּה לַמִּדְבָּר וַיִּפְנוּ אֶל־

א ווערטשפּיל: הַאֲמִינוּ–וְתֵאָמֵנוּ.

הֶהָמוֹן וְהִנָּם פְּגָרִים נֹפְלִים אַרְצָה וְאֵין פְּלֵיטָה׃ וַיָּבֹא כה
יְהוֹשָׁפָט וְעַמּוֹ לָבֹז אֶת־שְׁלָלָם וַיִּמְצְאוּ בָהֶם לָרֹב וּרְכוּשׁ
וּפְגָרִים וּכְלֵי חֲמֻדוֹת וַיְנַצְּלוּ לָהֶם לְאֵין מַשָּׂא וַיִּהְיוּ יָמִים
שְׁלוֹשָׁה בֹּזְזִים אֶת־הַשָּׁלָל כִּי רַב־הוּא׃ וּבַיּוֹם הָרְבִעִי כו
נִקְהֲלוּ לְעֵמֶק בְּרָכָה כִּי־שָׁם בֵּרְכוּ אֶת־יְהוָה עַל־כֵּן קָרְאוּ
אֶת־שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא עֵמֶק בְּרָכָה עַד־הַיּוֹם׃ וַיָּשֻׁבוּ כז
כָּל־אִישׁ יְהוּדָה וִירוּשָׁלַ͏ִם וִיהוֹשָׁפָט בְּרֹאשָׁם לָשׁוּב אֶל־
יְרוּשָׁלַ͏ִם בְּשִׂמְחָה כִּי־שִׂמְּחָם יְהוָה מֵאוֹיְבֵיהֶם׃ וַיָּבֹאוּ כח
יְרוּשָׁלַ͏ִם בִּנְבָלִים וּבְכִנֹּרוֹת וּבַחֲצֹצְרוֹת אֶל־בֵּית יְהוָה׃
וַיְהִי פַּחַד אֱלֹהִים עַל כָּל־מַמְלְכוֹת הָאֲרָצוֹת בְּשָׁמְעָם כִּי כט
נִלְחַם יְהוָה עִם אוֹיְבֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַתִּשְׁקֹט מַלְכוּת יְהוֹשָׁפָט ל
וַיָּנַח לוֹ אֱלֹהָיו מִסָּבִיב׃ וַיִּמְלֹךְ יְהוֹשָׁפָט עַל־יְהוּדָה לא
בֶּן־שְׁלֹשִׁים וְחָמֵשׁ שָׁנָה בְּמָלְכוֹ וְעֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה
מָלַךְ בִּירוּשָׁלַ͏ִם וְשֵׁם אִמּוֹ עֲזוּבָה בַּת־שִׁלְחִי׃ וַיֵּלֶךְ בְּדֶרֶךְ לב
אָבִיו אָסָא וְלֹא־סָר מִמֶּנָּה לַעֲשׂוֹת הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה׃
אַךְ הַבָּמוֹת לֹא־סָרוּ וְעוֹד הָעָם לֹא־הֵכִינוּ לְבָבָם לֵאלֹהֵי לג
אֲבֹתֵיהֶם׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי יְהוֹשָׁפָט הָרִאשֹׁנִים וְהָאַחֲרֹנִים לד
הִנָּם כְּתוּבִים בְּדִבְרֵי יֵהוּא בֶן־חֲנָנִי אֲשֶׁר הֹעֲלָה עַל־סֵפֶר
מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְאַחֲרֵי־כֵן אֶתְחַבַּר יְהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ־יְהוּדָה לה
עִם אֲחַזְיָה מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל הוּא הִרְשִׁיעַ לַעֲשׂוֹת׃ וַיְחַבְּרֵהוּ לו
עִמּוֹ לַעֲשׂוֹת אֳנִיּוֹת לָלֶכֶת תַּרְשִׁישׁ וַיַּעֲשׂוּ אֳנִיּוֹת בְּעֶצְיוֹן
גָּבֶר׃ וַיִּתְנַבֵּא אֱלִיעֶזֶר בֶּן־דֹּדָוָהוּ מִמָּרֵשָׁה עַל־יְהוֹשָׁפָט לז
לֵאמֹר כְּהִתְחַבֶּרְךָ עִם־אֲחַזְיָהוּ פָּרַץ יְהוָה אֶת־מַעֲשֶׂיךָ
וַיִּשָּׁבְרוּ אֳנִיּוֹת וְלֹא עָצְרוּ לָלֶכֶת אֶל־תַּרְשִׁישׁ׃

## כא

וַיִּשְׁכַּב יְהוֹשָׁפָט עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר עִם־אֲבֹתָיו בְּעִיר דָּוִיד א
וַיִּמְלֹךְ יְהוֹרָם בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃ וְלוֹ־אַחִים בְּנֵי יְהוֹשָׁפָט ב
עֲזַרְיָה וִיחִיאֵל וּזְכַרְיָהוּ וַעֲזַרְיָהוּ וּמִיכָאֵל וּשְׁפַטְיָהוּ כָּל־

ב, כה׳ ס״א וּבְגָדִים לז׳ ס״א בְּ׳

ערשט זיי ליגן פּגרים אויף דער ערד, און קיינער איז ניט אַנטרונען געוואָרן. [25] און יהוֹשָׁפָט און זיין פֿאָלק זיינען געקומען צו רויבן זייער זאַקרויב, און זיי האָבן געפֿונען ביי זיי אַ סך אי פֿאַרמעג אי פּגרים מיט טייערע זאַכן, און זיי האָבן צוגענומען פֿאַר זיך, ביז זיי האָבן מער ניט גע־קענט טראָגן; און זיי האָבן געהאַלטן אין רויבן דריי טעג דעם זאַקרויב, וואָרום ער איז געווען פֿיל. [26] און אויפֿן פֿירטן טאָג האָבן זיי זיך איינגעזאַמלט אין טאָל בְּרָכָה, וואָרום דאָרטן האָבן זיי געמאַכט אַ ברכה צו גאָט; דרום רופֿט מען דעם נאָמען פֿון יענעם אָרט דער טאָל בְּרָכָה ביז אויף היינט. [27] און אַלע מענער פֿון יהודה און ירושָׁלַיִם און יהוֹשָׁפָט זיי פֿאַרויס האָבן זיך אומגעקערט צוריקצוגיין קיין ירושָׁלַיִם מיט פֿרייד, וואָרום גאָט האָט זיי דערפֿרייט איבער זייערע פֿיינט. [28] און זיי זיינען געקומען קיין ירושָׁלַיִם מיט גיטאַרן און מיט האַרפֿן און מיט טרומייטן צום הויז פֿון גאָט. [29] און אַ פּחד פֿון גאָט איז געווען אויף די מלוכות פֿון די לענדער, ווען זיי האָבן געהערט אַז יהוה האָט מלחמה געהאַלטן מיט די פֿיינט פֿון ישׂראל. [30] און יהוֹשָׁפָטס מלוכה איז געווען רויִק וואָרום זיין גאָט האָט אים בארוט פֿון רונד אַרום.

[31] און יהוֹשָׁפָט האָט געקיניגט איבער יהודה; פֿינף און דרייסיק יאָר איז ער אַלט געווען אַז ער איז געוואָרן מלך, און פֿינף און צוואַנציק יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָׁלַיִם. און דער נאָמען פֿון זיין מוטער איז געווען עֲזוּבָה די טאָכטער פֿון שִׁלחִי.

[32] און ער איז געגאַנגען אין דעם וועג פֿון זיין פֿאָטער אָסאָ— און האָט זיך ניט אָפּגעקערט דערפֿון— צו טאָן וואָס איז רעכטפֿאַרטיק אין די אויגן פֿון גאָט. [33] נאָר די בָּמות זיינען ניט אָפּגעטאָן געוואָרן, און דאָס פֿאָלק האָט נאָך אַלץ ניט געקערט ווייער האַרץ צו דעם גאָט פֿון זייערע עלטערן.

[34] און די איבעריקע זאַכן וועגן יהוֹשָׁפָטן, די ערשטע אַזוי ווי די לעצטע, זיי זיינען באַשריבן אין די ווערטער פֿון יֵהוּא דעם זון פֿון חֲנָנִין, וואָס איז אַריין אין בוך פֿון די מלכים פֿון ישׂראל.

[35] און נאָך דעם האָט יהוֹשָׁפָט דער מלך פֿון יהודה זיך צונויפֿגעחברט מיט אֲחַזְיָה דעם מלך פֿון ישׂראל, וואָס האָט געטאָן שלעכטס. [36] און ער האָט אים צוגעחברט צו זיך, צו מאַכן שיפֿן אויף צו גיין קיין תַּרשיש; און זיי האָבן געמאַכט שיפֿן אין עֶציוֹן־גֶבֶר. [37] האָט אֱליעֶזֶר דער זון פֿון דוֹדָוָהון פֿון מָרֵשָׁה נביאות געזאָגט אויף יהוֹשָׁפָטן, אַזוי צו זאָגן: ווייל דו האָסט זיך צונויפֿגעחברט מיט אֲחַזְיָהון, וועט גאָט צעברעכן דיינע אַרבעט. און די שיפֿן זיינען צעבראָכן געוואָרן, און זיי האָבן ניט געקענט גיין קיין תַּרשיש.

## כא

[1] און יהוֹשָׁפָט האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און ער איז באַגראָבן געוואָרן אין דודס־שטאָט; און זיין זון יהוֹרָם איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

[2] און ער האָט געהאַט ברידער, יהוֹשָׁפָטס זין: עֲזַרְיָה, און יחיאֵל, און זכַריָהו, און עֲזַרְיָהו, און מיכָאֵל, און שפַטְיָהו;

די אַלע זיינען געווען זין פון יהוֹשָפָט דעם מלך פון ישׂראל. [3] און זייער פאָטער האָט זיי געגעבן גרויסע מתנות פון זילבער און גאָלד און טייערע זאַכן, מיט פעסטונגשטעט אין יהודה. אָבער די מלוכה האָט ער געגעבן יהוֹרָמען, וואָרום ער איז געווען דער בכוֹר. [4] און ווי יהוֹרָם איז אויפגעשטאַנען אויף זיין פאָטערס מלוכה, און האָט זיך באַפעסטיקט, אַזוי האָט ער געהרגעט אַלע זיינע ברידער מיטן שווערד, און אויך פון די האַרן פון ישׂראל.

[5] צוויי און דרייסיק יאָר איז יהוֹרָם אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און אַכט יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם. [6] און ער איז געגאַנגען אין דעם וועג פון די מלכים פון ישׂראל, אַזוי ווי דאָס הויז פון אַחְאָב האָט געטאָן; וואָרום ער האָט געהאַט אַחְאָבס טאָכטער פאַר אַ ווייב; און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט. [7] אָבער גאָט האָט ניט געוואָלט אומברענגען דאָס הויז פון דוד, פון וועגן דעם בונד וואָס ער האָט געשלאָסן מיט דודן, און אַזוי ווי ער האָט אים צוגעזאָגט, צו געבן אים און זיינע קינדער אַ ליכט אַלע טעג.

[8] אין זיינע טעג איז אֱדוֹם אָפּגעפאַלן פון אונטער דער האַנט פון יהודה, און זיי האָבן געמאַכט איבער זיך אַ מלך. [9] און יהוֹרָם איז אַריבערגעגאַנגען מיט זיינע הויפּטלייט, און אַלע רייטוועגן מיט אים; און ער איז אויפגעשטאַנען ביי נאַכט, און האָט געשלאָגן די אֱדוֹמים וואָס האָבן אַרומגערינגלט אים און די הויפּטלייט פון די רייטוועגן.

[10] אַזוי איז אֱדוֹם אָפּגעפאַלן פון אונטער דער האַנט פון יהודה ביז אויף היינטיקן טאָג. דעמאָלט אין דער אייגענער צייט איז אָפּגעפאַלן לִבְנָה פון אונטער זיין האַנט; ווייל ער האָט פאַרלאָזן יהוה דעם גאָט פון זייערע עלטערן. [11] ער האָט אויך געמאַכט בָמות אויף די בערג פון יהודה, און ער האָט געמאַכט אויסגעלאַסן די באַוווינער פון ירושָלַיִם, און האָט אַראָפּגעפירט יהודה.

[12] איז געקומען צו אים אַ געשריפטס פון אֵלִיָהו דעם נביא, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון דיין פאָטער דודן: דערפאַר וואָס דו ביסט ניט געגאַנגען אין די וועגן פון דיין פאָטער יהוֹשָפָטן, און אין די וועגן פון אָסאָ דעם מלך פון יהודה, [13] נייערט דו ביסט געגאַנגען אין דעם וועג פון די מלכים פון ישׂראל, און האָסט געמאַכט אויסגעלאַסן יהודה און די באַוווינער פון ירושָלַיִם, אַזוי ווי דאָס הויז פון אַחְאָב האָט זיי געמאַכט אויסגעלאַסן, און האָסט אויך געהרגעט דיינע ברידער פון דיין פאָטערס הויז, וואָס זיינען געווען בעסער פון דיר, [14] זע, וועט גאָט אַצונד פלאָגן מיט אַ גרויסער פלאָג דיין פאָלק, און דיינע קינדער, און דיינע ווייבער, און דיין גאַנצן פאַרמעג. [15] און דו וועסט זיין אין גרויס קרענק פון אַ קראַנקשאַפט אין דיינע געדערים, ביז דיינע געדערים וועלן אַרויסקריכן פון דער קרענק טעג נאָך טעג.

[16] און גאָט האָט דערוועקט אויף יהוֹרָמען דעם גייסט פון די פלִשתּים, און פון די אַראַבער וואָס לעבן די כּושים. [17] און זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען אויף יהודה, און האָבן זיך אַריינגעבראָכן אין איר, און האָבן געפאַנגען דעם גאַנצן פאַרמעג וואָס האָט זיך געפונען אין מלכס הויז, און אויך זיינע זין און זיינע ווייבער, און אים איז ניט איבערגעבליבן

ג אֵלֶּה בְּנֵי יְהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּתֵּן לָהֶם ׀ אֲבִיהֶם
מַתָּנוֹת רַבּוֹת לְכֶסֶף וּלְזָהָב וּלְמִגְדָּנוֹת עִם־עָרֵי מְצֻרוֹת
בִּיהוּדָה וְאֶת־הַמַּמְלָכָה נָתַן לִיהוֹרָם כִּי־הוּא הַבְּכוֹר׃
ד וַיָּקָם יְהוֹרָם עַל־מַמְלֶכֶת אָבִיו וַיִּתְחַזַּק וַיַּהֲרֹג אֶת־כָּל־
ה אֶחָיו בֶּחָרֶב וְגַם מִשָּׂרֵי יִשְׂרָאֵל׃ בֶּן־שְׁלֹשִׁים וּשְׁתַּיִם שָׁנָה
ו יְהוֹרָם בְּמָלְכוֹ וּשְׁמוֹנֶה שָׁנִים מָלַךְ בִּירוּשָׁלָםִ׃ וַיֵּלֶךְ
בְּדֶרֶךְ ׀ מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר עָשׂוּ בֵּית אַחְאָב כִּי בַּת־
ז אַחְאָב הָיְתָה לּוֹ *אִשָּׁה וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה׃ וְלֹא־
אָבָה יְהוָה לְהַשְׁחִית אֶת־בֵּית דָּוִיד לְמַעַן הַבְּרִית
אֲשֶׁר כָּרַת לְדָוִיד וְכַאֲשֶׁר אָמַר לָתֵת לוֹ נִיר וּלְבָנָיו
ח כָּל־הַיָּמִים׃ בְּיָמָיו פָּשַׁע אֱדוֹם מִתַּחַת יַד־יְהוּדָה וַיַּמְלִיכוּ
ט עֲלֵיהֶם מֶלֶךְ׃ וַיַּעֲבֹר יְהוֹרָם עִם־שָׂרָיו וְכָל־הָרֶכֶב עִמּוֹ
וַיְהִי קָם לַיְלָה וַיַּךְ אֶת־אֱדוֹם הַסּוֹבֵב אֵלָיו וְאֵת שָׂרֵי
י הָרָכֶב׃ וַיִּפְשַׁע אֱדוֹם מִתַּחַת יַד־יְהוּדָה עַד הַיּוֹם הַזֶּה
אָז תִּפְשַׁע לִבְנָה בָּעֵת הַהִיא מִתַּחַת יָדוֹ כִּי עָזַב אֶת־
יא יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבֹתָיו׃ גַּם־הוּא עָשָׂה בָמוֹת בְּהָרֵי יְהוּדָה
יב וַיֶּזֶן אֶת־יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלַםִ וַיַּדַּח אֶת־יְהוּדָה׃ וַיָּבֹא
אֵלָיו מִכְתָּב מֵאֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא לֵאמֹר כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה
אֱלֹהֵי דָּוִיד אָבִיךָ תַּחַת אֲשֶׁר לֹא־הָלַכְתָּ בְּדַרְכֵי יְהוֹשָׁפָט
יג אָבִיךָ וּבְדַרְכֵי אָסָא מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ וַתֵּלֶךְ בְּדֶרֶךְ מַלְכֵי
יִשְׂרָאֵל וַתַּזְנֶה אֶת־יְהוּדָה וְאֶת־יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלַםִ כְּהַזְנוֹת
בֵּית אַחְאָב וְגַם אֶת־אַחֶיךָ בֵית־אָבִיךָ הַטּוֹבִים מִמְּךָ
יד הָרָגְתָּ׃ הִנֵּה יְהוָה נֹגֵף מַגֵּפָה גְדוֹלָה בְּעַמֶּךָ וּבְבָנֶיךָ
טו וּבְנָשֶׁיךָ וּבְכָל־רְכוּשֶׁךָ׃ וְאַתָּה בָּחֳלָיִים רַבִּים בְּמַחֲלֵה
טז מֵעֶיךָ עַד־יֵצְאוּ מֵעֶיךָ מִן־הַחֹלִי יָמִים עַל־יָמִים׃ וַיָּעַר
יְהוָה עַל־יְהוֹרָם אֶת־רוּחַ הַפְּלִשְׁתִּים וְהָעַרְבִים אֲשֶׁר עַל־
יז יַד כּוּשִׁים׃ וַיַּעֲלוּ בִיהוּדָה וַיִּבְקָעוּהָ וַיִּשְׁבּוּ אֵת כָּל־
הָרְכוּשׁ הַנִּמְצָא לְבֵית־הַמֶּלֶךְ וְגַם־בָּנָיו וְנָשָׁיו וְלֹא נִשְׁאַר־

ב׳ סבירין יהודה   ו׳ סבירין לאשה

לוֹ בֵּן כִּי אִם־יְהוֹאָחָז קְטֹן בָּנָיו׃ וְאַחֲרֵי כָּל־זֹאת נְגָפוֹ יח
יְהוָה ׀ בְּמֵעָיו לָחֳלִי לְאֵין מַרְפֵּא׃ וַיְהִי לְיָמִים ׀ מִיָּמִים יט
וּכְעֵת צֵאת הַקֵּץ לְיָמִים שְׁנַיִם יָצְאוּ מֵעָיו עִם־חָלְיוֹ
וַיָּמָת בְּתַחֲלֻאִים רָעִים וְלֹא־עָשׂוּ לוֹ עַמּוֹ שְׂרֵפָה כִּשְׂרֵפַת
אֲבֹתָיו׃ בֶּן־שְׁלֹשִׁים וּשְׁתַּיִם הָיָה בְמָלְכוֹ וּשְׁמוֹנֶה שָׁנִים כ
מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וַיֵּלֶךְ בְּלֹא חֶמְדָּה וַיִּקְבְּרֻהוּ בְּעִיר דָּוִיד
וְלֹא בְּקִבְרוֹת הַמְּלָכִים׃

כב

וַיַּמְלִיכוּ יוֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִַם אֶת־אֲחַזְיָהוּ בְנוֹ הַקָּטֹן תַּחְתָּיו כִּי א
כָל־הָרִאשֹׁנִים הָרַג הַגְּדוּד הַבָּא בָעַרְבִים לַמַּחֲנֶה וַיִּמְלֹךְ
אֲחַזְיָהוּ בֶּן־יְהוֹרָם מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ בֶּן־אַרְבָּעִים וּשְׁתַּיִם ב
שָׁנָה אֲחַזְיָהוּ בְמָלְכוֹ וְשָׁנָה אַחַת מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְשֵׁם
אִמּוֹ עֲתַלְיָהוּ בַּת־עָמְרִי׃ גַּם־הוּא הָלַךְ בְּדַרְכֵי בֵּית אַחְאָב ג
כִּי אִמּוֹ הָיְתָה יוֹעַצְתּוֹ לְהַרְשִׁיעַ׃ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה ד
כְּבֵית אַחְאָב כִּי־הֵמָּה הָיוּ־לוֹ יוֹעֲצִים אַחֲרֵי מוֹת אָבִיו
לְמַשְׁחִית לוֹ׃ גַּם בַּעֲצָתָם הָלַךְ וַיֵּלֶךְ אֶת־יְהוֹרָם בֶּן־אַחְאָב ה
מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל לַמִּלְחָמָה עַל־חֲזָאֵל מֶלֶךְ־אֲרָם בְּרָמוֹת גִּלְעָד
וַיַּכּוּ הָרַמִּים אֶת־יוֹרָם׃ וַיָּשָׁב לְהִתְרַפֵּא בְיִזְרְעֶאל כִּי ו
הַמַּכִּים אֲשֶׁר הִכֻּהוּ בָרָמָה בְּהִלָּחֲמוֹ אֶת־חֲזָהאֵל מֶלֶךְ
אֲרָם וַעֲזַרְיָהוּ בֶן־יְהוֹרָם מֶלֶךְ יְהוּדָה יָרַד לִרְאוֹת אֶת־
יְהוֹרָם בֶּן־אַחְאָב בְּיִזְרְעֶאל כִּי־חֹלֶה הוּא׃ וּמֵאֱלֹהִים ז
הָיְתָה תְּבוּסַת אֲחַזְיָהוּ לָבוֹא אֶל־יוֹרָם וּבְבֹאוֹ יָצָא עִם־
יְהוֹרָם אֶל־יֵהוּא בֶן־נִמְשִׁי אֲשֶׁר מְשָׁחוֹ יְהוָה לְהַכְרִית אֶת־
בֵּית אַחְאָב׃ וַיְהִי כְּהִשָּׁפֵט יֵהוּא עִם־בֵּית אַחְאָב וַיִּמְצָא ח
אֶת־שָׂרֵי יְהוּדָה וּבְנֵי אֲחֵי אֲחַזְיָהוּ מְשָׁרְתִים לַאֲחַזְיָהוּ
וַיַּהַרְגֵם׃ וַיְבַקֵּשׁ אֶת־אֲחַזְיָהוּ וַיִּלְכְּדֻהוּ וְהוּא מִתְחַבֵּא ט
בְשֹׁמְרוֹן וַיְבִאֻהוּ אֶל־יֵהוּא וַיְמִתֻהוּ וַיִּקְבְּרֻהוּ כִּי אָמְרוּ

כא, יח׳ נא בלא פסק    כב, ח׳ סא כְ

קיין זון, אַחוץ יהואָחָז דער ייִנגסטער פון זײַנע זין. [18] און נאָך דעם אַלעמען האָט אים גאָט געפּלאָגט אין זײַנע גע־דערים מיט אַ קרענק ניט אויסצוהיילן. [19] און עס איז געווען נאָך טעג און טעג—בעת דער סוף פון צוויי יאָר איז געווען אַריבער, זײַנען אים די געדערים אַרויסגע־קראָכן פון זײַן קרענק, און ער איז געשטאָרבן אין בייזע ווייטאָקן; און מע האָט ניט געמאַכט נאָך אים אַ פאַר־ברענונג אַזוי ווי די פאַרברענונג פון זײַנע עלטערן.

[20] צוויי און דרײַסיק יאָר איז ער אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און אַכט יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם; און ער איז אַוועק אָן נחת; און מע האָט אים באַגראָבן אין דודס־שטאָט, אָבער ניט אין די קברים פון די מלכים.

# כב

[1] און די באַוווינער פון ירושָלַיִם האָבן געמאַכט פאַר אַ מלך אויף זײַן אָרט אַחַזיָהו, זײַן ייִנגסטן זון, וואָרום אַלע עלטערע האָט אויסגעהרגעט די באַנדע וואָס איז געקומען מיט די אַראַבער אין לאַגער. אַזוי איז אַחַזיָהו, דער זון פון יהוֹרָם דעם מלך פון יהודה, געוואָרן מלך. [2] צוויי און פערציק יאָר איז אַחַזיָהו אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און איין יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם. און דער נאָמען פון זײַן מוטער איז געווען עַתַליָהו די טאָכטער פון עָמרין.

[3] ער אויך איז געגאַנגען אין די וועגן פון אַחְאָבס הויז, וואָרום זײַן מוטער איז געווען זײַן עצה־געבערין אויף צו טאָן שלעכטס. [4] און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, אַזוי ווי דאָס הויז פון אַחְאָב, וואָרום זיי זײַנען געווען זײַנע יועצים נאָך זײַן פאָטערס טויט, צו זײַן אונטערגאַנג. [5] ער איז אויך געגאַנגען אין זייער עצה, און איז אַוועק מיט יהוֹרָם דעם זון פון אַחְאָבן, דעם מלך פון ישראל, אויף מלחמה אַקעגן חֲזָאֵל דעם מלך פון אֲרָם אין רָמוֹת־גִלעָד; און די אַרַמים האָבן פאַרוווּנדט יוֹרָמען. [6] און ער האָט זיך אומגעקערט זיך צו היילן אין יִזרְעֶאל פון די וווּנדן וואָס מע האָט אים פאַרוווּנדט אין רָמָה, ווען ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט חֲזָאֵל דעם מלך פון אֲרָם. און עֲזַריָהו דער זון פון יהוֹרָמען, דער מלך פון יהודה, האָט אַראָפּגענידערט צו זען יהוֹרָם דעם זון פון אַחְאָבן אין יִזרְעֶאל, ווען ער איז געווען קראַנק.

[7] און די מפּלה פון אַחַזיָהון איז געווען פון גאָט—אַז ער זאָל קומען צו יוֹרָמען; וואָרום אַז ער איז געקומען, איז ער אַרויסגעגאַנגען מיט יהוֹרָמען צו יֵהוא דעם זון פון נִמשִין, וואָס גאָט האָט אים געזאַלבט, כּדי צו פאַרשניידן דאָס הויז פון אַחְאָב. [8] און עס איז געווען, ווי יֵהוא האָט זיך אָפּגערעכנט מיט דעם הויז פון אַחְאָב, האָט ער גע־טראָפן די האַרן פון יהודה, און די זין פון אַחַזיָהוס ברידער, וואָס האָבן געדינט בײַ אַחַזיָהון, און ער האָט זיי געהרגעט. [9] און ער האָט געזוכט אַחַזיָהון, און מע האָט אים געכאַפּט ווי ער איז געווען באַהאַלטן אין שומרון, און מע האָט אים געבראַכט צו יֵהוּאן, און מע האָט אים געטייט. און זיי האָבן אים באַגראָבן, וואָרום זיי האָבן געזאָגט:

ער איז דער זון פון יהושָפָטן, וואָס האָט געזוכט גאָט מיט זיין גאַנצן האַרצן. און עס איז ניט געווען פון אַחזיָהוס הויז ווער עס זאָל האָבן כּוח אָנצוהאַלטן די מלוכה.

10 און ווי עַתַליָהו די מוטער פון אַחזיָהון האָט געזען אַז איר זון איז טויט, איז זי אויפגעשטאַנען, און האָט אומגעבראַכט דעם גאַנצן קיניגלעכן אָפּשטאַם פון דעם הויז פון יהודה. 11 האָט יהושַבעַת די טאָכטער פון דעם מלך גענומען יוֹאָשן דעם זון פון אַחזיָהון, און האָט אים אַרויסגעגנבעט פון צווישן דעם מלכס זין וואָס האָבן געזאָלט געטייט ווערן, און האָט אים און זיין אַם אַריינגעבראַכט אין אַ שלאָפקאַמער. און יהושַבעַת די טאָכטער פון דעם מלך יהוֹרָם, די ווייב פון יהוֹיָדָע דעם כּהן – וואָרום זי איז געווען די שוועסטער פון אַחזיָהון – האָט אים באַהאַלטן פון עַתַליָהון, און זי האָט אים ניט געטייט. 12 און ער איז געווען באַהאַלטן ביי זיי, אין הויז פון גאָט זעקס יאָר. און עַתַליָהו האָט געקיניגט איבערן לאַנד.

כג 1 און אויפן זיבעטן יאָר האָט זיך יהוֹיָדָע געשטאַרקט, און ער האָט אַריינגענומען די הויפּטלייט פון די הונדערטן, עֲזַריָה דעם זון פון ירוֹחָמען, און ישמָעאל דעם זון פון יהוֹחָנָנען, און עֲזַריָהו דעם זון פון עוֹבֵדן, און מַעֲשֵׂיָהו דעם זון פון עֲדָיָהון, און אֱלישָפָט דעם זון פון זִכרין, מיט זיך אין אַ בונד. 2 און זיי זיינען אַרומגעגאַנגען אין יהודה, און האָבן איינגעזאַמלט די לוִיִים פון אַלע שטעט פון יהודה, און די הויפּטן פון די פּאַטערהייזער פון ישראל, און זיי זיינען געקומען קיין ירושָלַיִם. 3 און די גאַנצע איינזאַמלונג האָט געשלאָסן אַ בונד מיטן מלך אין הויז פון גאָט; און ער האָט צו זיי געזאָגט: אָט, זאָל דער זון פון מלך קיניגן, אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט וועגן די זין פון דודן. 4 דאָס איז די זאַך וואָס איר זאָלט טאָן: אַ דריטל פון אייך, די וואָס קומען אַריין שבת, פון די כּהנים און פון די לוִיִים, זאָלן זיין פאַר טויערלייט ביי די שוועלן; 5 און אַ דריטל פון אייך אין מלכס הויז, און אַ דריטל אין דעם גרונטטויער; און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיין אין די הויפן פון גאָטס הויז. 6 און קיינער זאָל ניט אַריינקומען אין הויז פון גאָט, נאָר די כּהנים, און די וואָס באַדינען פון די לוִיִים; זיי מעגן אַריינקומען, וואָרום זיי זיינען הייליק. אָבער דאָס גאַנצע פאָלק זאָל אָפּהיטן די אָפּהיטונג פון גאָט. 7 און די לוִיִים זאָלן אַרומרינגלען דעם מלך רונד אַרום, איטלעכער מיט זיינע וואָפן אין זיין האַנט; און דער וואָס קומט אַריין אין הויז, זאָל געטייט ווערן. און זייט מיט דעם מלך ביי זיין אַריינגיין און ביי זיין אַרויסגיין.

8 האָבן די לוִיִים און גאַנץ יהודה געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס יהוֹיָדָע דער כּהן האָט באַפוילן, און זיי האָבן געבראַכט איטלעכער זיינע מענטשן, די וואָס קומען אַריין שבת, מיט די וואָס גייען אַרויס שבת, וואָרום יהוֹיָדָע דער כּהן האָט ניט אָוועקגעלאָזט די אָפּטיילונגען. 9 און יהוֹיָדָע דער כּהן האָט געגעבן די הויפּטלייט פון די הונדערטן

בֶּן־יְהוֹשָׁפָט הוּא אֲשֶׁר־דָּרַשׁ אֶת־יְהוָה בְּכָל־לְבָבוֹ וְאֵין
י לְבֵית אֲחַזְיָהוּ לַעְצֹר כֹּחַ לְמַמְלָכָה׃ וַעֲתַלְיָהוּ אֵם
אֲחַזְיָהוּ רָאֲתָה כִּי מֵת בְּנָהּ וַתָּקָם וַתְּדַבֵּר אֶת־כָּל־זֶרַע
יא הַמַּמְלָכָה לְבֵית יְהוּדָה׃ וַתִּקַּח יְהוֹשַׁבְעַת בַּת־הַמֶּלֶךְ
אֶת־יוֹאָשׁ בֶּן־אֲחַזְיָהוּ וַתִּגְנֹב אֹתוֹ מִתּוֹךְ בְּנֵי־הַמֶּלֶךְ
הַמּוּמָתִים וַתִּתֵּן אֹתוֹ וְאֶת־מֵינִקְתּוֹ בַּחֲדַר הַמִּטּוֹת וַתַּסְתִּירֵהוּ
יְהוֹשַׁבְעַת בַּת־הַמֶּלֶךְ יְהוֹרָם אֵשֶׁת יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן כִּי הִיא
הָיְתָה אֲחוֹת אֲחַזְיָהוּ מִפְּנֵי עֲתַלְיָהוּ וְלֹא הֱמִיתָתְהוּ׃
יב וַיְהִי אִתָּם בְּבֵית הָאֱלֹהִים מִתְחַבֵּא שֵׁשׁ שָׁנִים וַעֲתַלְיָה
מֹלֶכֶת עַל־הָאָרֶץ׃

כג

א וּבַשָּׁנָה הַשְּׁבִעִית הִתְחַזַּק יְהוֹיָדָע וַיִּקַּח אֶת־שָׂרֵי הַמֵּאוֹת
לַעֲזַרְיָהוּ בֶן־יְרֹחָם וּלְיִשְׁמָעֵאל בֶּן־יְהוֹחָנָן וְלַעֲזַרְיָהוּ בֶן־
עוֹבֵד וְאֶת־מַעֲשֵׂיָהוּ בֶן־עֲדָיָהוּ וְאֶת־אֱלִישָׁפָט בֶּן־זִכְרִי עִמּוֹ
ב בַבְּרִית׃ וַיָּסֹבּוּ בִּיהוּדָה וַיִּקְבְּצוּ אֶת־הַלְוִיִּם מִכָּל־עָרֵי
ג יְהוּדָה וְרָאשֵׁי הָאָבוֹת לְיִשְׂרָאֵל וַיָּבֹאוּ אֶל־יְרוּשָׁלִָם׃ וַיִּכְרֹת
כָּל־הַקָּהָל בְּרִית בְּבֵית הָאֱלֹהִים עִם־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר לָהֶם
ד הִנֵּה בֶן־הַמֶּלֶךְ יִמְלֹךְ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה עַל־בְּנֵי דָוִיד׃ זֶה
הַדָּבָר אֲשֶׁר תַּעֲשׂוּ הַשְּׁלִשִׁית מִכֶּם בָּאֵי הַשַּׁבָּת לַכֹּהֲנִים
ה וְלַלְוִיִּם לְשֹׁעֲרֵי הַסִּפִּים׃ וְהַשְּׁלִשִׁית בְּבֵית הַמֶּלֶךְ וְהַשְּׁלִשִׁית
ו בְּשַׁעַר הַיְסוֹד וְכָל־הָעָם בְּחַצְרוֹת בֵּית יְהוָה׃ וְאַל־יָבוֹא
בֵית־יְהוָה כִּי אִם־הַכֹּהֲנִים וְהַמְשָׁרְתִים לַלְוִיִּם הֵמָּה יָבֹאוּ
ז כִּי־קֹדֶשׁ הֵמָּה וְכָל־הָעָם יִשְׁמְרוּ מִשְׁמֶרֶת יְהוָה׃ וְהִקִּיפוּ
הַלְוִיִּם אֶת־הַמֶּלֶךְ סָבִיב אִישׁ וְכֵלָיו בְּיָדוֹ וְהַבָּא אֶל־הַבַּיִת
ח יוּמָת וִהְיוּ אֶת־הַמֶּלֶךְ בְּבֹאוֹ וּבְצֵאתוֹ׃ וַיַּעֲשׂוּ הַלְוִיִּם וְכָל־
יְהוּדָה כְּכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן וַיִּקְחוּ אִישׁ אֶת־
אֲנָשָׁיו בָּאֵי הַשַּׁבָּת עִם יוֹצְאֵי הַשַּׁבָּת כִּי לֹא פָטַר יְהוֹיָדָע
ט הַכֹּהֵן אֶת־הַמַּחְלְקוֹת׃ וַיִּתֵּן יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן לְשָׂרֵי

הַמֵּאוֹת אֶת־הַחֲנִיתִים וְאֶת־הַמָּגִנּוֹת וְאֶת־הַשְּׁלָטִים אֲשֶׁר
לַמֶּלֶךְ דָּוִיד אֲשֶׁר בֵּית הָאֱלֹהִים׃ וַיַּעֲמֵד אֶת־כָּל־הָעָם י
וְאִישׁ ׀ שִׁלְחוֹ בְיָדוֹ מִכֶּתֶף הַבַּיִת הַיְמָנִית עַד־כֶּתֶף הַבַּיִת
הַשְּׂמָאלִית לַמִּזְבֵּחַ וְלַבָּיִת עַל־הַמֶּלֶךְ סָבִיב׃ וַיּוֹצִיאוּ אֶת־ יא
בֶּן־הַמֶּלֶךְ וַיִּתְּנוּ עָלָיו אֶת־הַנֵּזֶר וְאֶת־הָעֵדוּת וַיַּמְלִיכוּ אֹתוֹ
וַיִּמְשָׁחֻהוּ יְהוֹיָדָע וּבָנָיו וַיֹּאמְרוּ יְחִי הַמֶּלֶךְ׃ וַתִּשְׁמַע יב
עֲתַלְיָהוּ אֶת־קוֹל הָעָם הָרָצִים וְהַמְהַלְלִים אֶת־הַמֶּלֶךְ וַתָּבוֹא
אֶל־הָעָם בֵּית יְהוָה׃ וַתֵּרֶא וְהִנֵּה הַמֶּלֶךְ עוֹמֵד עַל־עַמּוּדוֹ יג
בַּמָּבוֹא וְהַשָּׂרִים וְהַחֲצֹצְרוֹת עַל־הַמֶּלֶךְ וְכָל־עַם הָאָרֶץ
שָׂמֵחַ וְתוֹקֵעַ בַּחֲצֹצְרוֹת וְהַמְשׁוֹרְרִים בִּכְלֵי הַשִּׁיר וּמוֹדִיעִים
לְהַלֵּל וַתִּקְרַע עֲתַלְיָהוּ אֶת־בְּגָדֶיהָ וַתֹּאמֶר קֶשֶׁר קָשֶׁר׃
וַיּוֹצֵא יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן אֶת־שָׂרֵי הַמֵּאוֹת ׀ פְּקוּדֵי הַחַיִל יד
וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם הוֹצִיאוּהָ אֶל־מִבֵּית הַשְּׂדֵרוֹת וְהַבָּא אַחֲרֶיהָ
יוּמַת בֶּחָרֶב כִּי אָמַר הַכֹּהֵן לֹא תְמִיתוּהָ בֵּית יְהוָה׃
וַיָּשִׂמוּ לָהּ יָדַיִם וַתָּבוֹא אֶל־מְבוֹא שַׁעַר־הַסּוּסִים בֵּית טו
הַמֶּלֶךְ וַיְמִיתוּהָ שָׁם׃ וַיִּכְרֹת יְהוֹיָדָע בְּרִית בֵּינוֹ טז
וּבֵין כָּל־הָעָם וּבֵין הַמֶּלֶךְ לִהְיוֹת לְעָם לַיהוָה׃ וַיָּבֹאוּ כָל־ יז
הָעָם בֵּית־הַבַּעַל וַיִּתְּצֻהוּ וְאֶת־מִזְבְּחֹתָיו וְאֶת־צְלָמָיו שִׁבֵּרוּ
וְאֵת מַתָּן כֹּהֵן הַבַּעַל הָרְגוּ לִפְנֵי הַמִּזְבְּחוֹת׃ וַיָּשֶׂם יְהוֹיָדָע יח
פְּקֻדֹּת בֵּית יְהוָה בְּיַד הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם אֲשֶׁר חָלַק דָּוִיד
עַל־בֵּית יְהוָה לְהַעֲלוֹת עֹלוֹת יְהוָה כַּכָּתוּב בְּתוֹרַת מֹשֶׁה
בְּשִׂמְחָה וּבְשִׁיר עַל יְדֵי דָוִיד׃ וַיַּעֲמֵד הַשּׁוֹעֲרִים עַל־שַׁעֲרֵי יט
בֵּית יְהוָה וְלֹא־יָבֹא טָמֵא לְכָל־דָּבָר׃ וַיִּקַּח אֶת־שָׂרֵי כ
הַמֵּאוֹת וְאֶת־הָאַדִּירִים וְאֶת־הַמּוֹשְׁלִים בָּעָם וְאֵת ׀ כָּל־עַם
הָאָרֶץ וַיּוֹרֶד אֶת־הַמֶּלֶךְ מִבֵּית יְהוָה וַיָּבֹאוּ בְּתוֹךְ־שַׁעַר
הָעֶלְיוֹן בֵּית הַמֶּלֶךְ וַיּוֹשִׁיבוּ אֶת־הַמֶּלֶךְ עַל כִּסֵּא הַמַּמְלָכָה׃

יג׳ נ״א בשין

די שפּיזן און די פּאַנצערס און די שילדן פֿון דעם מלך דוד, וואָס אין הויז פֿון גאָט. 10 און ער האָט אויסגע־שטעלט דאָס גאַנצע פֿאָלק, איטלעכן מיט זײַן וואָפֿן אין זײַן האַנט, פֿון דער רעכטער זײַט פֿון הויז ביז דער לינ־קער זײַט פֿון הויז, בײַם מזבח און בײַם הויז, לעבן מלך רונד אַרום. 11 און זיי האָבן אַרויסגעפֿירט דעם מלכס זון, און האָבן אָנגעטאָן אויף אים די קרוין און די [קיניג־לעכע] צייכנס, און האָבן אים געמאַכט פֿאַר אַ מלך; און יהוֹיָדָע און זײַנע זין האָבן אים געזאַלבט, און זיי האָבן געזאָגט: לעבן זאָל דער מלך.

12 און עֲתַליָהו האָט געהערט דעם קול פֿון דעם פֿאָלק וואָס לויפֿט און לויבט דעם מלך, און זי איז גע־קומען צום פֿאָלק אין גאָטס הויז. 13 און זי האָט געזען, ערשט דער מלך שטייט אויף זײַן בימה אין אײַנגאַנג, און די האַרן און די טרומייטערערס לעבן מלך, און דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון לאַנד פֿרייט זיך און בלאָזט אין טרומייטן, און די זינגערס מיט כּלי־זָמֶר וואָס פֿירן אָן דעם לויבגע־זאַנג; האָט עֲתַליָהו צעריסן אירע קליידער, און האָט געזאָגט: אַ בונט! אַ בונט!

14 האָט יהוֹיָדָע אַרויסגעפֿירט די הויפּטלײַט פֿון די הונדערטן, די אויפֿזעער פֿון חיל, און ער האָט צו זיי גע־זאָגט: פֿירט זי אַרויס אינעווייניק פֿון די רייען, און דער וואָס גייט איר נאָך, זאָל געטייט ווערן מיטן שווערד. וואָרום דער כּהן האָט געזאָגט: איר זאָלט זי ניט טייטן אין הויז פֿון גאָט.

15 האָבן זיי געמאַכט פֿאַר איר אָרט, און זי איז אַרײַנגעגאַנגען דורך דעם אײַנגאַנג פֿון פֿערדטויער אין מלכס הויז; און זיי האָבן זי דאָרטן געטייט.

16 און יהוֹיָדָע האָט געשלאָסן אַ בונד צווישן אים און צווישן דעם גאַנצן פֿאָלק און צווישן מלך, צו זײַן צום פֿאָלק פֿון יהוה. 17 און דאָס גאַנצע פֿאָלק איז אַרײַנגעגאַנגען אין הויז פֿון בַּעַל, און האָבן עס אײַנגעוואָרפֿן, און זײַנע מזבחות און זײַנע בילדער האָבן זיי צעבראָכן, און מַתָּן דעם כּהן פֿון בַּעַל האָבן זיי געהרגעט פֿאַר די מזבחות.

18 און יהוֹיָדָע האָט געגעבן די אויפֿזעאונג פֿון גאָטס הויז אין דער האַנט פֿון די כּהנים פֿון שבט לֵוִי, וואָס דוד האָט אײַנגעטיילט איבער דעם הויז פֿון גאָט, אויפֿצוברענגען די בראַנדאָפּפֿער פֿון גאָט, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין תּורת־משה, מיט שׂמחה, און מיט געזאַנג לויט דעם אײַנשטעל פֿון דודן. 19 און ער האָט געשטעלט די טויערלײַט בײַ די טויערן פֿון גאָטס הויז, אַז דער וואָס איז אומריין פֿון וואָסער עס איז זאַך, זאָל ניט אַרײַנקומען. 20 און ער האָט גענומען די הויפּטלײַט פֿון די הונדערטן, און די גרויסע לײַט, און די געוועלטיקער איבער דעם פֿאָלק, און דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון לאַנד, און האָט אַראָפּגעבראַכט דעם מלך פֿון גאָטס הויז, און זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען דורך דעם אויבערשטן טויער אין מלכס הויז, און האָבן אַרויפֿגעזעצט דעם מלך אויף דעם טראָן פֿון מלוכה.

21 און דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט זיך געפֿרייט, און די שטאָט איז געווען רויִק. און עַתַלְיָהון האָבן זיי געטייט מיטן שווערד.

# כד

1 זיבן יאָר איז יוֹאָש אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און פֿערציק יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם. און דער נאָמען פֿון זיין מוטער איז געווען צִבְיָה פֿון בְּאֵר־שֶׁבַע.

2 און יוֹאָש האָט געטאָן וואָס איז רעכטפֿאַרטיק אין די אויגן פֿון גאָט אַלע טעג פֿון יהוֹיָדָע דעם כֹּהן. 3 און יהוֹיָדָע האָט פֿאַר אים גענומען צוויי ווייבער; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

4 און עס איז געווען נאָך דעם, האָט יוֹאָש געהאַט אין האַרצן צו באַנייען דאָס הויז פֿון גאָט. 5 און ער האָט אַיינגעזאַמלט די כֹּהנים און די לְוִיִם, און ער האָט צו זיי געזאָגט: גייט אַרויס צו די שטעט פֿון יהודה, און קלייבט אויף פֿון גאַנץ ישׂראל געלט אויף צו פֿאַרריכטן דאָס הויז פֿון אַייער גאָט פֿון יאָר צו יאָר; און איר זאָלט אַייך אַיילן וועגן דער זאַך. אָבער די לְוִיִם האָבן זיך ניט געאַיילט. 6 האָט דער מלך גערופֿן יהוֹיָדָע דעם הויפּט, און האָט צו אים געזאָגט: פֿאַרוואָס האָסטו ניט פֿאַרלאַנגט פֿון די לְוִיִם, צו ברענגען די אָפּגאָב [אַרויפֿגעלייגט] פֿון משה דעם קנעכט פֿון גאָט, און פֿון דער אַיינזאַמלונג פֿון ישׂראל, פֿאַר דעם געצעלט פֿון געזעץ? 7 וואָרום עַתַלְיָהו די מַרשַׁעַת, אירע זין האָבן צעבראָכן דאָס הויז פֿון גאָט, און אויך אַלע געהייליקטע זאַכן פֿון גאָטס הויז האָבן זיי פֿאַרטאָן פֿאַר די בַּעַל־געטער.

8 און דער מלך האָט געהייסן, און מע האָט געמאַכט אַ קאַסטן, און אים אַוועקגעשטעלט ביים טויער פֿון גאָטס הויז פֿון אויסנווייניק. 9 און מע האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויסרוף אין יהודה און אין ירושָלַיִם, צו ברענגען די אָפּגאָב [אַרויפֿגעלייגט] פֿון משה דעם קנעכט פֿון גאָט אויף ישׂראל אין מדבר. 10 און אַלע האַרן און דאָס גאַנצע פֿאָלק האָבן זיך געפֿרייט, און זיי האָבן געבראַכט און אַריינגעוואָרפֿן אין קאַסטן ביז פֿול. 11 און עס איז געווען, בעת מע פֿלעגט ברענגען דעם קאַסטן צו די אויפֿזעער פֿון מלך דורך דער האַנט פֿון די לְוִיִם, און ווי זיי האָבן געזען אַז עס איז דאָ פֿיל געלט, אַזוי פֿלעגט קומען דער שרייבער פֿון מלך, און דער אויפֿזעער פֿון דעם כֹּהן־גָדול, און זיי פֿלעגן אויסליידיקן דעם קאַסטן, און אים אַוועקטראָגן און אים אומקערן אויף זיין אָרט. אַזוי האָבן זיי געטאָן טאָג אין טאָג, און זיי האָבן אָנגעזאַמלט געלט לרוב. 12 און דער מלך און יהוֹיָדָע האָבן עס געגעבן צו די ווערקמייסטער איבער דער אַרבעט פֿון גאָטס הויז; און זיי האָבן געדונגען שטיינהעקער און האָלצמייסטער, צו באַנייען דאָס הויז פֿון גאָט, און אויך אַייזן־ און קופּערשמידן, צו פֿאַרריכטן דאָס הויז פֿון גאָט. 13 און די בַּעַל־מלאָכהס האָבן געאַרבעט, און די אַרבעט איז פֿאַרריכט געוואָרן דורך זייער האַנט, און זיי האָבן צוריקגעשטעלט דאָס הויז פֿון גאָט אויף זיין שטאַנד, און אים באַפֿעסטיקט. 14 און אַז זיי האָבן געענדיקט, האָבן זיי געבראַכט פֿאַר דעם מלך

כא וַיִּשְׂמְחוּ כָל־עַם־הָאָרֶץ וְהָעִיר שָׁקָטָה וְאֶת־עֲתַלְיָהוּ הֵמִיתוּ
בֶחָרֶב׃

כד

א בֶּן־שֶׁבַע שָׁנִים יֹאָשׁ בְּמָלְכוֹ וְאַרְבָּעִים שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלָםִ
ב וְשֵׁם אִמּוֹ צִבְיָה מִבְּאֵר שָׁבַע׃ וַיַּעַשׂ יוֹאָשׁ הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי
ג יְהוָה כָּל־יְמֵי יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן׃ וַיִּשָּׂא־לוֹ יְהוֹיָדָע
ד נָשִׁים שְׁתָּיִם וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן הָיָה עִם־
ה לֵב יוֹאָשׁ לְחַדֵּשׁ אֶת־בֵּית יְהוָה׃ וַיִּקְבֹּץ אֶת־הַכֹּהֲנִים
וְהַלְוִיִּם וַיֹּאמֶר לָהֶם צְאוּ לְעָרֵי יְהוּדָה וְקִבְצוּ מִכָּל־
יִשְׂרָאֵל כֶּסֶף לְחַזֵּק ׀ אֶת־בֵּית אֱלֹהֵיכֶם מִדֵּי שָׁנָה בְּשָׁנָה
ו וְאַתֶּם תְּמַהֲרוּ לַדָּבָר וְלֹא מִהֲרוּ הַלְוִיִּם׃ וַיִּקְרָא
הַמֶּלֶךְ לִיהוֹיָדָע הָרֹאשׁ וַיֹּאמֶר לוֹ מַדּוּעַ לֹא־דָרַשְׁתָּ עַל־
הַלְוִיִּם לְהָבִיא מִיהוּדָה וּמִירוּשָׁלַםִ אֶת־מַשְׂאַת מֹשֶׁה עֶבֶד־
ז יְהוָה וְהַקָּהָל לְיִשְׂרָאֵל לְאֹהֶל הָעֵדוּת׃ כִּי עֲתַלְיָהוּ
הַמִּרְשַׁעַת בָּנֶיהָ פָרְצוּ אֶת־בֵּית הָאֱלֹהִים וְגַם כָּל־קָדְשֵׁי
ח בֵית־יְהוָה עָשׂוּ לַבְּעָלִים׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ וַיַּעֲשׂוּ אֲרוֹן אֶחָד
ט וַיִּתְּנֻהוּ בְּשַׁעַר בֵּית־יְהוָה חוּצָה׃ וַיִּתְּנוּ־קוֹל בִּיהוּדָה
וּבִירוּשָׁלַםִ לְהָבִיא לַיהוָה מַשְׂאַת מֹשֶׁה עֶבֶד־הָאֱלֹהִים
י עַל־יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר׃ וַיִּשְׂמְחוּ כָל־הַשָּׂרִים וְכָל־הָעָם וַיָּבִיאוּ
יא וַיַּשְׁלִיכוּ לָאָרוֹן עַד־לְכַלֵּה׃ וַיְהִי בְּעֵת יָבִיא אֶת־הָאָרוֹן
אֶל־פְּקֻדַּת הַמֶּלֶךְ בְּיַד הַלְוִיִּם וְכִרְאוֹתָם כִּי־רַב הַכֶּסֶף וּבָא
סוֹפֵר הַמֶּלֶךְ וּפְקִיד כֹּהֵן הָרֹאשׁ וִיעָרוּ אֶת־הָאָרוֹן וְיִשָּׂאֻהוּ
וִישִׁבֻהוּ אֶל־מְקֹמוֹ כֹּה עָשׂוּ לְיוֹם בְּיוֹם וַיַּאַסְפוּ כֶסֶף
יב לָרֹב׃ וַיִּתְּנֵהוּ הַמֶּלֶךְ וִיהוֹיָדָע אֶל־עוֹשֵׂה מְלֶאכֶת עֲבוֹדַת
בֵּית־יְהוָה וַיִּהְיוּ שֹׂכְרִים חֹצְבִים וְחָרָשִׁים לְחַדֵּשׁ בֵּית
יְהוָה וְגַם לְחָרָשֵׁי בַרְזֶל וּנְחֹשֶׁת לְחַזֵּק אֶת־בֵּית יְהוָה׃
יג וַיַּעֲשׂוּ עֹשֵׂי הַמְּלָאכָה וַתַּעַל אֲרוּכָה לַמְּלָאכָה בְּיָדָם
יד וַיַּעֲמִידוּ אֶת־בֵּית הָאֱלֹהִים עַל־מַתְכֻּנְתּוֹ וַיְאַמְּצֻהוּ׃ וּכְכַלּוֹתָם

ו׳ בס״א משאת משה עבד־ה׳ יא׳ בס״א ויערו

הֵבִיאוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וִיהוֹיָדָע אֶת־שְׁאָר הַכֶּסֶף וַיַּעֲשֵׂהוּ
כֵלִים לְבֵית־יְהוָה כְּלֵי שָׁרֵת וְהַעֲלוֹת וְכַפּוֹת וּכְלֵי זָהָב
וָכָסֶף וַיִּהְיוּ מַעֲלִים עֹלוֹת בְּבֵית־יְהוָה תָּמִיד כֹּל יְמֵי
טו יְהוֹיָדָע׃ וַיִּזְקַן יְהוֹיָדָע וַיִּשְׂבַּע יָמִים וַיָּמֹת בֶּן־מֵאָה
טז וּשְׁלֹשִׁים שָׁנָה בְּמוֹתוֹ׃ וַיִּקְבְּרֻהוּ בְעִיר־דָּוִיד עִם־הַמְּלָכִים
יז כִּי־עָשָׂה טוֹבָה בְּיִשְׂרָאֵל וְעִם־הָאֱלֹהִים וּבֵיתוֹ׃ וְאַחֲרֵי
מוֹת יְהוֹיָדָע בָּאוּ שָׂרֵי יְהוּדָה וַיִּשְׁתַּחֲווּ לַמֶּלֶךְ אָז שָׁמַע
יח הַמֶּלֶךְ אֲלֵיהֶם׃ וַיַּעַזְבוּ אֶת־בֵּית יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבוֹתֵיהֶם
וַיַּעַבְדוּ אֶת־הָאֲשֵׁרִים וְאֶת־הָעֲצַבִּים וַיְהִי־קֶצֶף עַל־יְהוּדָה
יט וִירוּשָׁלִַם בְּאַשְׁמָתָם זֹאת׃ וַיִּשְׁלַח בָּהֶם נְבִאִים לַהֲשִׁיבָם
כ אֶל־יְהוָה וַיָּעִידוּ בָם וְלֹא הֶאֱזִינוּ׃ וְרוּחַ אֱלֹהִים לָבְשָׁה
אֶת־זְכַרְיָה בֶּן־יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן וַיַּעֲמֹד מֵעַל לָעָם וַיֹּאמֶר
לָהֶם כֹּה ׀ אָמַר הָאֱלֹהִים לָמָה אַתֶּם עֹבְרִים אֶת־מִצְוֹת
יְהוָה וְלֹא תַצְלִיחוּ כִּי־עֲזַבְתֶּם אֶת־יְהוָה וַיַּעֲזֹב אֶתְכֶם׃
כא וַיִּקְשְׁרוּ עָלָיו וַיִּרְגְּמֻהוּ אֶבֶן בְּמִצְוַת הַמֶּלֶךְ בַּחֲצַר בֵּית
כב יְהוָה׃ וְלֹא־זָכַר יוֹאָשׁ הַמֶּלֶךְ הַחֶסֶד אֲשֶׁר עָשָׂה יְהוֹיָדָע
אָבִיו עִמּוֹ וַיַּהֲרֹג אֶת־בְּנוֹ וּכְמוֹתוֹ אָמַר יֵרֶא יְהוָה וְיִדְרֹשׁ׃
כג וַיְהִי ׀ לִתְקוּפַת הַשָּׁנָה עָלָה עָלָיו חֵיל אֲרָם וַיָּבֹאוּ
אֶל־יְהוּדָה וִירוּשָׁלִַם וַיַּשְׁחִיתוּ אֶת־כָּל־שָׂרֵי הָעָם מֵעָם
כד וְכָל־שְׁלָלָם שִׁלְּחוּ לְמֶלֶךְ דַּרְמָשֶׂק׃ כִּי בְמִצְעַר אֲנָשִׁים
בָּאוּ ׀ חֵיל אֲרָם וַיהוָה נָתַן בְּיָדָם חַיִל לָרֹב מְאֹד כִּי עָזְבוּ
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבוֹתֵיהֶם וְאֶת־יוֹאָשׁ עָשׂוּ שְׁפָטִים׃
כה וּבְלֶכְתָּם מִמֶּנּוּ כִּי־עָזְבוּ אֹתוֹ בְּמַחֲלֻיִים רַבִּים הִתְקַשְּׁרוּ
עָלָיו עֲבָדָיו בִּדְמֵי בְּנֵי יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן וַיַּהַרְגֻהוּ עַל־מִטָּתוֹ
וַיָּמֹת וַיִּקְבְּרֻהוּ בְּעִיר דָּוִיד וְלֹא קְבָרֻהוּ בְּקִבְרוֹת הַמְּלָכִים׃
כו וְאֵלֶּה הַמִּתְקַשְּׁרִים עָלָיו זָבָד בֶּן־שִׁמְעָת הָעַמּוֹנִית וִיהוֹזָבָד
כז בֶּן־שִׁמְרִית הַמּוֹאָבִית׃ וּבָנָיו וְרֹב הַמַּשָּׂא עָלָיו וִיסוֹד

כז׳ ירב קי

און יהוֹיָדָען דעם רעשט געלט, און מע האָט דערפון געמאַכט כלים פאַר גאָטס הויז, כלים צום דינען און אויפּברענגען, און שאָלן, און גילדערנע און זילבערנע כלים. און מע פלעגט אויפּברענגען בראַנדאָפּפער אין הויז פון גאָט תּמיד אַלע טעג פון יהוֹיָדָען.

[15] און יהוֹיָדָע איז געוואָרן אַלט און זאַט מיט טעג, און ער איז געשטאָרבן; הונדערט און דרייסיק יאָר איז ער אַלט געווען, אַז ער איז געשטאָרבן. [16] און מע האָט אים באַגראָבן אין דודס־שטאָט לעבן די מלכים, ווייל ער האָט געטאָן גוטס צווישן ישׂראל, און פאַר גאָט און זיין הויז.

[17] און נאָך דעם טויט פון יהוֹיָדָען זיינען געקומען די האַרן פון יהודה, און זיי האָבן זיך געבוקט צום מלך. דענסמאָל האָט דער מלך זיך צוגעהערט צו זיי. [18] און זיי האָבן פאַרלאָזן דאָס הויז פון יהוה דעם גאָט פון זייערע עלטערן, און זיי האָבן געדינט די געצנביימער, און די געצנבילדער, און עס איז געווען אַ צאָרן אויף יהודה און ירושָׁלַיִם פאַר דערדאָזיקער פאַרשולדיקונג זייערער. [19] און ער האָט געשיקט צו זיי נביאים, זיי אומצוקערן צו גאָט, און זיי האָבן זיי געוואָרנט, אָבער זיי האָבן ניט צוגעטאָן דאָס אויער.

[20] און דער גייסט פון גאָט האָט אָנגעקליידט זכַריָה דעם זון פון יהוֹיָדָע דעם כּהן, און ער האָט זיך געשטעלט איבער דעם פאָלק, און האָט צו זיי געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: פאַרוואָס טרעט איר איבער די געבאָט פון יהוה, אַז איר זאָלט ניט באַגליקן? וואָרום איר האָט פאַרלאָזן יהוה, און ער האָט אַייך פאַרלאָזן. [21] האָבן זיי געמאַכט אויף אים אַ בונט, און האָבן אים פאַרשטיינט מיט שטיינער אויף דעם באַפעל פון מלך, אין הויף פון גאָטס הויז.

[22] און דער מלך יוֹאָש האָט ניט געדאַכט אָן דעם חסד וואָס זיין פאָטער יהוֹיָדָע האָט מיט אים געטאָן, און ער האָט געהרגעט זיין זון. און אַז ער איז געשטאָרבן, האָט ער געזאָגט: גאָט וועט זען און וועט אויפמאָנען.

[23] און עס איז געווען, ביים אַרומדריי פון יאָר, איז אַרויפגעגאַנגען אויף אים דער חיל פון אַרָם, און זיי זיינען געקומען קיין יהודה און ירושָׁלַיִם, און האָבן אומגעבראַכט אַלע האַרן פון פאָלק פון צווישן דעם פאָלק, און זייער גאַנצן רויב האָבן זיי אַוועקגעשיקט צום מלך פון דַרמֶשֶׂק. [24] הגם דער חיל פון אַרָם איז געקומען מיט ווינציק מענטשן, אָבער גאָט האָט איבערגעגעבן אין זייער האַנט זייער אַ גרויסן חיל, ווייל זיי האָבן פאַרלאָזן יהוה דעם גאָט פון זייערע עלטערן. און זיי האָבן געטאָן אַ משפּט אויף יוֹאָשן. [25] און אַז זיי זיינען אַוועק פון אים—וואָרום זיי האָבן אים געלאָזן אין גרויס קראַנקשאַפט—האָבן זיינע קנעכט געמאַכט אַ בונט אויף אים—פאַר דעם בלוט פון די זין פון יהוֹיָדָע דעם כּהן—און זיי האָבן אים געהרגעט אויף זיין בעט, און ער איז געשטאָרבן. און מע האָט אים באַגראָבן אין דודס־שטאָט, אָבער מע האָט אים ניט באַגראָבן אין די קברים פון די מלכים. [26] און דאָס זיינען די וואָס האָבן געמאַכט דעם בונט אויף אים: זָבָד דער זון פון שִׁמעָת דער עַמוֹנית, און יהוֹזָבָד דער זון פון שִׁמרית דער מוֹאָבית.

[27] און זיינע זין, און די פיל נבואות איבער אים, און די באַפעסטיקונג פון גאָטס הויז, זיי זיינען באַשריבן אין

דעם מְדרש פון דעם בוך פון די מלכים. און זיין זון אַמַציָהו איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

כה ¹ צו פינף און צוואַנציק יאָר איז אַמַציָהו געוואָרן מלך, און ניין און צוואַנציק יאָר האָט ער גע־קיניגט אין ירושָלַיִם. און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען יהוֹעַדָן פון ירושָלַיִם. ² און ער האָט געטאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון גאָט, אָבער ניט מיט אַ גאַנצן האַרצן.

³ און עס איז געווען, ווי די מלוכה איז געווען באַ־פעסטיקט ביי אים, אַזוי האָט ער געהרגעט זיינע קנעכט וואָס האָבן דערשלאָגן זיין פאָטער דעם מלך. ⁴ אָבער זייערע קינדער האָט ער ניט געטייט, נייערט אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דער תּורה, אין דעם בוך פון משהן, וואָס גאָט האָט באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: פאָטערס זאָלן ניט געטייט ווערן פאַר קינדער און קינדער זאָלן ניט געטייט ווערן פאַר פאָטערס; נייערט יעטוועדער פאַר זיין זינד זאָל געטייט ווערן.

⁵ און אַמַציָהו האָט איינגעזאַמלט יהודה, און האָט זיי אויסגעשטעלט לויט די פאָטערהייזער, לויט די הויפּט־לייט פון די טויזנטן און לויט די הויפּטלייט פון די הונ־דערטן, גאַנץ יהודה און בִנימין; און ער האָט זיי געציילט פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, און האָט זיי געפונען דריי הונדערט טויזנט געקליבענע מענער, וואָס קענען אַרויסגיין אין חיל, וואָס האַלטן אַ שפּיז און אַ פּאַנצער.

בֵּית הָאֱלֹהִים הִנָּם כְּתוּבִים עַל־מִדְרַשׁ סֵפֶר הַמְּלָכִים
וַיִּמְלֹךְ אֲמַצְיָהוּ בְנוֹ תַּחְתָּיו׃

כה

א בֶּן־עֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה מָלַךְ אֲמַצְיָהוּ וְעֶשְׂרִים וָתֵשַׁע
ב שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלָיִם וְשֵׁם אִמּוֹ יְהוֹעַדָּן מִירוּשָׁלָיִם׃ וַיַּעַשׂ
ג הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה רַק לֹא בְּלֵבָב שָׁלֵם׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר חָזְקָה
הַמַּמְלָכָה עָלָיו וַיַּהֲרֹג אֶת־עֲבָדָיו הַמַּכִּים אֶת־הַמֶּלֶךְ
ד אָבִיו׃ וְאֶת־בְּנֵיהֶם לֹא הֵמִית כִּי כַכָּתוּב בַּתּוֹרָה בְּסֵפֶר
מֹשֶׁה אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה לֵאמֹר לֹא־יָמוּתוּ אָבוֹת עַל־בָּנִים
וּבָנִים לֹא־יָמוּתוּ עַל־אָבוֹת כִּי אִישׁ בְּחֶטְאוֹ יָמוּתוּ׃
ה וַיִּקְבֹּץ אֲמַצְיָהוּ אֶת־יְהוּדָה וַיַּעֲמִידֵם לְבֵית־אָבוֹת
לְשָׂרֵי הָאֲלָפִים וּלְשָׂרֵי הַמֵּאוֹת לְכָל־יְהוּדָה וּבִנְיָמִן
וַיִּפְקְדֵם לְמִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה וַיִּמְצָאֵם שְׁלֹשׁ־מֵאוֹת
ו אֶלֶף בָּחוּר יוֹצֵא צָבָא אֹחֵז רֹמַח וְצִנָּה׃ וַיִּשְׂכֹּר מִיִּשְׂרָאֵל
ז מֵאָה אֶלֶף גִּבּוֹר חַיִל בְּמֵאָה כִכַּר־כָּסֶף׃ וְאִישׁ הָאֱלֹהִים
בָּא אֵלָיו לֵאמֹר הַמֶּלֶךְ אַל־יָבוֹא עִמְּךָ צְבָא יִשְׂרָאֵל כִּי
ח אֵין יְהוָה עִם־יִשְׂרָאֵל כֹּל בְּנֵי אֶפְרָיִם׃ כִּי אִם־בֹּא אַתָּה
עֲשֵׂה חֲזַק לַמִּלְחָמָה יַכְשִׁילְךָ הָאֱלֹהִים לִפְנֵי אוֹיֵב כִּי יֶשׁ־
ט כֹּחַ בֵּאלֹהִים לַעְזוֹר וּלְהַכְשִׁיל׃ וַיֹּאמֶר אֲמַצְיָהוּ לְאִישׁ
הָאֱלֹהִים וּמַה־לַּעֲשׂוֹת לִמְאַת הַכִּכָּר אֲשֶׁר נָתַתִּי לִגְדוּד
יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אִישׁ הָאֱלֹהִים יֵשׁ לַיהוָה לָתֶת לְךָ הַרְבֵּה
י מִזֶּה׃ וַיַּבְדִּילֵם אֲמַצְיָהוּ לְהַגְּדוּד אֲשֶׁר־בָּא אֵלָיו מֵאֶפְרַיִם
לָלֶכֶת לִמְקוֹמָם וַיִּחַר אַפָּם מְאֹד בִּיהוּדָה וַיָּשׁוּבוּ לִמְקוֹמָם
יא בָּחֳרִי־אָף׃ וַאֲמַצְיָהוּ הִתְחַזַּק וַיִּנְהַג אֶת־עַמּוֹ וַיֵּלֶךְ
יב גֵּיא הַמֶּלַח וַיַּךְ אֶת־בְּנֵי־שֵׂעִיר עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים׃ וַעֲשֶׂרֶת
אֲלָפִים חַיִּים שָׁבוּ בְּנֵי יְהוּדָה וַיְבִיאוּם לְרֹאשׁ הַסָּלַע
יג וַיַּשְׁלִיכוּם מֵרֹאשׁ־הַסֶּלַע וְכֻלָּם נִבְקָעוּ׃ וּבְנֵי הַגְּדוּד

כ ה, ו׳ קמץ בטרחא

⁶ און ער האָט אָנגעדונגען פון ישׂראל הונדערט טויזנט העלדישע גיבורים פאַר הונדערט צענטנער זילבער.

⁷ און אַ געטלעכער מאַן איז געקומען צו אים, אַזוי צו זאָגן: מלך, זאָל דער חיל פון ישׂראל ניט גיין מיט דיר, ווייל גאָט איז ניט מיט ישׂראל, מיט אַלע קינדער פון אפרים. ⁸ וואָרום אַז דו וועסט גיין, מעגסטו פירן ווי שטאַרק די מלחמה, וועט דיך גאָט מאַכן פאַלן פאַר דעם פיינט, ווייל ביי גאָט איז די מאַכט צו העלפן און צו מאַכן פאַלן. ⁹ האָט אַמַציָהו געזאָגט צו דעם געטלעכן מאַן: אָבער וואָס טוט מען וועגן די הונדערט צענטנער וואָס איך האָב געגעבן דער מחנה פון ישׂראל? האָט דער געטלעכער מאַן געזאָגט: גאָט קען דיר געבן מער ווי דאָס. ¹⁰ האָט זיי אַמַציָהו אָפּגעזונדערט, די מחנה וואָס איז צו אים געקומען פון אפרים, אויף צו גיין אַהיים; און זייער צאָרן האָט זייער געגרימט אויף יהודה, און זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים אין גרימצאָרן.

¹¹ און אַמַציָהו האָט זיך געשטאַרקט, און ער האָט אָנגעפירט זיין פאָלק, און ער איז געגאַנגען צום טאָל פון זאַלץ, און האָט געשלאָגן פון די קינדער פון שֵׂעִיר צען טויזנט. ¹² און צען טויזנט האָבן די קינדער פון יהודה גע־פאַנגען לעבעדיקערהייט, און זיי האָבן זיי געבראַכט אויפן שפּיץ פעלז, און זיי אַראָפּגעוואָרפן פון שפּיץ פעלז, ביז זיי זיינען אַלע צעהאַקט געוואָרן.

¹³ אָבער די לייט פון דער מחנה וואָס אַמַציָהו האָט אומגעקערט פון צו גיין מיט אים אין דער מלחמה, האָבן

אֲשֶׁר הֵשִׁיב אֲמַצְיָהוּ מִלֶּכֶת עִמּוֹ לַמִּלְחָמָה וַיִּפְשְׁטוּ בְּעָרֵי
יְהוּדָה מִשֹּׁמְרוֹן וְעַד־בֵּית חוֹרוֹן וַיַּכּוּ מֵהֶם שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים
וַיָּבֹזּוּ בִּזָּה רַבָּה׃ וַיְהִי אַחֲרֵי בוֹא אֲמַצְיָהוּ מֵהַכּוֹת יד
אֶת־אֲדוֹמִים וַיָּבֵא אֶת־אֱלֹהֵי בְּנֵי שֵׂעִיר וַיַּעֲמִידֵם לוֹ
לֵאלֹהִים וְלִפְנֵיהֶם יִשְׁתַּחֲוֶה וְלָהֶם יְקַטֵּר׃ וַיִּחַר־אַף יְהוָה טו
בַּאֲמַצְיָהוּ וַיִּשְׁלַח אֵלָיו נָבִיא וַיֹּאמֶר לוֹ לָמָּה דָרַשְׁתָּ
אֶת־אֱלֹהֵי הָעָם אֲשֶׁר לֹא־הִצִּילוּ אֶת־עַמָּם מִיָּדֶךָ׃ וַיְהִי ׀ טז
בְּדַבְּרוֹ אֵלָיו וַיֹּאמֶר לוֹ הַלְיוֹעֵץ לַמֶּלֶךְ נְתַנּוּךָ חֲדַל־לְךָ
לָמָּה יַכּוּךָ וַיֶּחְדַּל הַנָּבִיא וַיֹּאמֶר יָדַעְתִּי כִּי־יָעַץ אֱלֹהִים
לְהַשְׁחִיתֶךָ כִּי־עָשִׂיתָ זֹּאת וְלֹא שָׁמַעְתָּ לַעֲצָתִי׃ וַיִּוָּעַץ יז
אֲמַצְיָהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה וַיִּשְׁלַח אֶל־יוֹאָשׁ בֶּן־יְהוֹאָחָז בֶּן
יֵהוּא מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר לְךָ נִתְרָאֶה פָנִים׃ וַיִּשְׁלַח יוֹאָשׁ יח
מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֶל־אֲמַצְיָהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה לֵאמֹר הַחוֹחַ אֲשֶׁר
בַּלְּבָנוֹן שָׁלַח אֶל־הָאֶרֶז אֲשֶׁר בַּלְּבָנוֹן לֵאמֹר תְּנָה אֶת־
בִּתְּךָ לִבְנִי לְאִשָּׁה וַתַּעֲבֹר חַיַּת הַשָּׂדֶה אֲשֶׁר בַּלְּבָנוֹן
וַתִּרְמֹס אֶת־הַחוֹחַ׃ אָמַרְתָּ הִנֵּה הִכִּיתָ אֶת־אֱדוֹם וּנְשָׂאֲךָ יט
לִבְּךָ לְהַכְבִּיד עַתָּה שְׁבָה בְּבֵיתֶךָ לָמָּה תִתְגָּרֶה בְּרָעָה
וְנָפַלְתָּ אַתָּה וִיהוּדָה עִמָּךְ׃ וְלֹא־שָׁמַע אֲמַצְיָהוּ כִּי כ
מֵהָאֱלֹהִים הִיא לְמַעַן תִּתָּם בְּיָד כִּי דָרְשׁוּ אֵת אֱלֹהֵי
אֱדוֹם׃ וַיַּעַל יוֹאָשׁ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וַיִּתְרָאוּ פָנִים הוּא כא
וַאֲמַצְיָהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה בְּבֵית שֶׁמֶשׁ אֲשֶׁר לִיהוּדָה׃ וַיִּנָּגֶף כב
יְהוּדָה לִפְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיָּנֻסוּ אִישׁ לְאֹהָלָיו׃ וְאֵת אֲמַצְיָהוּ כג
מֶלֶךְ־יְהוּדָה בֶּן־יוֹאָשׁ בֶּן־יְהוֹאָחָז תָּפַשׂ יוֹאָשׁ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל
בְּבֵית שָׁמֶשׁ וַיְבִיאֵהוּ יְרוּשָׁלִַם וַיִּפְרֹץ בְּחוֹמַת יְרוּשָׁלִַם
מִשַּׁעַר אֶפְרַיִם עַד־שַׁעַר הַפּוֹנֶה אַרְבַּע מֵאוֹת אַמָּה׃ וְכָל־ כד
הַזָּהָב וְהַכֶּסֶף וְאֵת כָּל־הַכֵּלִים הַנִּמְצְאִים בְּבֵית־הָאֱלֹהִים
עִם־עֹבֵד אֱדוֹם וְאֶת־אוֹצְרוֹת בֵּית הַמֶּלֶךְ וְאֵת בְּנֵי הַתַּעֲרֻבוֹת
וַיָּשָׁב שֹׁמְרוֹן׃ וַיְחִי אֲמַצְיָהוּ בֶן־יוֹאָשׁ מֶלֶךְ יְהוּדָה כה

זיך צעשפּרייט איבּער די שטעט פֿון יהודה, פֿון שומרון און בּיז בֵּית־חוֹרוֹן, און זיי האָבּן פֿון זיי געשלאָגן דריי טויזנט, און האָבּן גערויבּט פֿיל רויבּ.

[14] און עס איז געווען, נאָכדעם ווי אֲמַצְיָהוּ איז גע־קומען פֿון שלאָגן די אֲדוֹמים, האָט ער געבּראַכט די געטער פֿון די קינדער פֿון שֵׂעִיר, און האָט זיי זיך אויפֿגעשטעלט פֿאַר געטער, און ער פֿלעגט זיך בּוקן פֿאַר זיי, און רייכערן צו זיי. [15] האָט דער צאָרן פֿון גאָט געגרימט אויף אֲמַצְיָהוּן, און ער האָט געשיקט צו אים אַ נביא, און ער האָט צו אים געזאָגט: נאָך וואָס זוכסטו די געטער פֿון דעמדאָזיקן פֿאָלק, וואָס האָבּן ניט מציל געווען זייער פֿאָלק פֿון דיין האַנט? [16] און עס איז געווען, אַז ער האָט גערעדט צו אים, האָט [דער מלך] צו אים געזאָגט: האָבּן מיר דיך פֿאַר דעם יועץ פֿון מלך געמאַכט? הער דיר אויף; נאָך וואָס זאָל מען דיך שלאָגן? האָט דער נביא אויפֿגעהערט, און ער האָט געזאָגט: איך ווייס אַז גאָט האָט בּאַראָטן דיך אומצובּרענגען, ווייל דו האָסט דאָס געטאָן, און האָסט ניט צוגעהערט צו מיין עצה.

[17] און אַמַצְיָהוּ דער מלך פֿון יהודה האָט זיך בּאַ־קלערט, און האָט געשיקט צו יוֹאָש דעם זון יהוֹאָחָז דעם זון פֿון יֵהוּאן, דעם מלך פֿון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: קום לאָמיר זיך אָנקוקן אין פּנים.

[18] האָט יוֹאָש דער מלך פֿון ישׂראל געשיקט צו אַמַצְיָהוּ דעם מלך פֿון יהודה, אַזוי צו זאָגן: דער דאָרן וואָס אין לְבָנוֹן האָט געשיקט צו דעם צעדערבּוים וואָס אין לְבָנוֹן, אַזוי צו זאָגן: גיב דיין טאָכטער צו מיין זון פֿאַר אַ ווייבּ. איז פֿאַרבּייגעגאַנגען אַ ווילדע חיה וואָס אין לְבָנוֹן, און האָט צעטראָטן דעם דאָרן. [19] דו קלערסט, אָט האָסט געשלאָגן אֱדוֹם, און דיין האַרץ האָט דיך דערהויבּן זיך צו בּאַרימען. זיץ אַצונד אין דער היים. נאָך וואָס זאָלסטו זיך רייצן מיט אומגליק, און פֿאַלן דו און יהודה מיט דיר.

[20] אָבּער אַמַצְיָהוּ האָט ניט צוגעהערט; וואָרום דאָס איז געווען פֿון גאָט, כּדי זיי צו געבּן אין דער האַנט [פֿון זייערע פֿיינט], ווייל זיי האָבּן געזוכט די געטער פֿון אֱדוֹם. [21] און יוֹאָש דער מלך פֿון ישׂראל איז אַרויפֿגעגאַנגען, און ער און אַמַצְיָהוּ דער מלך פֿון יהודה האָבּן זיך אָנגעקוקט אין פּנים אין בֵּית־שֶׁמֶשׁ וואָס געהערט צו יהודה. [22] און יהודה איז געשלאָגן געוואָרן פֿאַר ישׂראל, און זיי זיינען אַנטלאָפֿן איטלעכער צו זיינע געצעלטן.

[23] און אַמַצְיָהוּ דעם מלך פֿון יהודה, דעם זון פֿון יוֹאָש דעם זון פֿון יהוֹאָחָזן, האָט יוֹאָש דער מלך פֿון ישׂראל געכאַפּט אין בֵּית־שֶׁמֶשׁ, און האָט אים געבּראַכט קיין ירושָׁלַיִם; און ער האָט דורכגעבּראָכן די מויער פֿון ירושָׁלַיִם פֿון דעם טויער פֿון אפרים בּיז דעם ווינקלטויער, פֿיר הונדערט איילן. [24] און [ער האָט צוגענומען] דאָס גאַנצע גאָלד און זילבּער, און אַלע כּלים, וואָס האָבּן זיך געפֿונען אין הויז פֿון גאָט אונטער עוֹבֵד־אֱדוֹמען, און די אוֹצרות פֿון דעם מלכס הויז, און משכּון־קינדער, און האָט זיך אומגעקערט קיין שומרון.

[25] און אַמַצְיָהוּ דער זון פֿון יוֹאָשן, דער מלך פֿון יהודה, האָט געלעבּט נאָך דעם טויט פֿון יוֹאָש דעם זון פֿון יהוֹאָחָזן, דעם מלך פֿון ישׂראל, פֿופֿצן יאָר.

26 און די איבעריקע זאַכן וועגן אַמַציָהון, די ערשטע
אַזוי ווי די לעצטע, זיי ווײַנען שוין באַשריבן אין בוך פון
די מלכים פון יהודה און ישׂראל. 27 און פון דער צייט
אָן וואָס אַמַציָהו האָט זיך אָפּגעקערט פון הינטער גאָט,
האָט מען געבונטעוועט אַ בונט אויף אים אין ירושָלַיִם;
און ער איז אַנטלאָפן קיין לָכיש, אָבער מע האָט נאָכגע־
שיקט נאָך אים קיין לָכיש, און מע האָט אים דאָרטן געטייט.
28 און מע האָט אים געבראַכט אויף פערד, און מע האָט
אים באַגראָבן לעבן זײַנע עלטערן אין דער שטאָט יהודה.

כו 1 און דאָס גאַנצע פאָלק פון יהודה האָט גענומען
עוזִיָהון, וואָס איז געווען זעכצן יאָר אַלט, און זיי
האָבן אים געמאַכט פאַר אַ מלך אויף דעם אָרט פון זײַן
פאָטער אַמַציָהון.

2 ער האָט אַרומגעבויט אֵילוֹת און האָט זי אומגע־
קערט צו יהודה, נאָכדעם ווי דער מלך האָט זיך געלייגט
מיט זײַנע עלטערן.

3 זעכצן יאָר איז עוזִיָהו אַלט געווען, אַז ער איז גע־
וואָרן מלך, און צוויי און פופציק יאָר האָט ער געקיניגט
אין ירושָלַיִם. און דער נאָמען פון זײַן מוטער איז געווען
יכָליָה פון ירושָלַיִם.

4 און ער האָט געטאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין
די אויגן פון גאָט, אַזוי ווי אַלץ וואָס זײַן פאָטער אַמַציָהו
האָט געטאָן. 5 און ער האָט זיך אָפּגעלייגט אויף זוכן גאָט
אין די טעג פון זכַריָהון, וואָס איז געווען פאַרשטאַנדיק
אין דער זעאונג פון גאָט; און אין די טעג וואָס ער האָט געזוכט יהוה האָט אים גאָט באַגליקט.

6 און ער איז אַרויסגעגאַנגען און האָט מלחמה געהאַלטן מיט די פּלִשתּים, און האָט אײַנגעבראָכן די מויער
פון גַת, און די מויער פון יַבנֶה, און די מויער פון אַשדוֹד, און געבויט שטעט אַרום אַשדוֹד, און צווישן די פּלִשתּים.
7 און גאָט האָט אים געהאָלפן אַקעגן די פּלִשתּים, און אַקעגן די אַראַבער, וואָס זײַנען געזעסן אין גור־בַעַל, און די
מְעוּנים. 8 און די עַמוֹנים האָבן געגעבן מתּנות צו עוזִיָהון; און זײַן שם איז געגאַנגען ביז מע קומט קיין מִצרַיִם, וואָרום
ער איז געווען שטאַרק ביז גאָר. 9 און עוזִיָהו האָט געבויט טורעמס אין ירושָלַיִם בײַם ווינקלטויער, און בײַם טויער
פון טאָל, און בײַם עק, און ער האָט זיי באַפעסטיקט. 10 און ער האָט געבויט טורעמס אין דער מדבר, און האָט
אויסגעהאַקט פיל ברונעמער, וואָרום ער האָט געהאַט פיל פי אי אין דער נידערונג, אי אין דעם פלאַכלאַנד; [און ער
האָט געהאַט] אַקערלייט און גערטעניִרער אויף די בערג, און אין כַּרמֶל, וואָרום ער איז געווען אַ ליבהאָבער פון ערד.

11 און עוזִיָהו האָט געהאַט אַ חיל פון קריגסלייט וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען אויף מלחמה אין מחנות, לויט דעם
מספּר פון זייער ציילונג דורך דער האַנט פון יעִיאֵל דעם שרײַבער, און מַעֲשֵׂיָהו דעם אויפזעער, אונטער דער
האַנט פון חֲנַניָהון, איינעם פון די האַרן פון מלך. 12 די גאַנצע צאָל פון די הויפּטן פון פאָטערהײַזער, די העלדישע גיבורים,

אַחֲרֵי מוֹת יוֹאָשׁ בֶּן־יְהוֹאָחָז מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה
כו שָׁנָה׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי אֲמַצְיָהוּ הָרִאשֹׁנִים וְהָאַחֲרוֹנִים הֲלֹא
כז הִנָּם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר מַלְכֵי־יְהוּדָה וְיִשְׂרָאֵל׃ וּמֵעֵת אֲשֶׁר־
סָר אֲמַצְיָהוּ מֵאַחֲרֵי יְהוָה וַיִּקְשְׁרוּ עָלָיו קֶשֶׁר בִּירוּשָׁלִַם
וַיָּנָס לָכִישָׁה וַיִּשְׁלְחוּ אַחֲרָיו לָכִישָׁה וַיְמִיתֻהוּ שָׁם׃
כח וַיִּשָּׂאֻהוּ עַל־הַסּוּסִים וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ עִם־אֲבֹתָיו בְּעִיר יְהוּדָה׃

כו

א וַיִּקְחוּ כָּל־עַם יְהוּדָה אֶת־עֻזִּיָּהוּ וְהוּא בֶּן־שֵׁשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה
ב וַיַּמְלִיכוּ אֹתוֹ תַּחַת אָבִיו אֲמַצְיָהוּ׃ הוּא בָּנָה אֶת־אֵילוֹת
ג וַיְשִׁיבֶהָ לִיהוּדָה אַחֲרֵי שְׁכַב־הַמֶּלֶךְ עִם־אֲבֹתָיו׃ בֶּן־
שֵׁשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה עֻזִּיָּהוּ בְמָלְכוֹ וַחֲמִשִּׁים וּשְׁתַּיִם שָׁנָה
ד מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְשֵׁם אִמּוֹ יְכִילְיָה מִן־יְרוּשָׁלִָם׃ וַיַּעַשׂ
ה הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה אֲמַצְיָהוּ אָבִיו׃ וַיְהִי
לִדְרֹשׁ אֱלֹהִים בִּימֵי זְכַרְיָהוּ הַמֵּבִין בִּרְאֹת הָאֱלֹהִים
ו וּבִימֵי דָּרְשׁוֹ אֶת־יְהוָה הִצְלִיחוֹ הָאֱלֹהִים׃ וַיֵּצֵא וַיִּלָּחֶם
בַּפְּלִשְׁתִּים וַיִּפְרֹץ אֶת־חוֹמַת גַּת וְאֵת חוֹמַת יַבְנֵה וְאֵת
ז חוֹמַת אַשְׁדּוֹד וַיִּבְנֶה עָרִים בְּאַשְׁדּוֹד וּבַפְּלִשְׁתִּים׃ וַיַּעְזְרֵהוּ
הָאֱלֹהִים עַל־פְּלִשְׁתִּים וְעַל־הָעַרְבִיִּים הַיֹּשְׁבִים בְּגוּר־
ח בָּעַל וְהַמְּעוּנִים׃ וַיִּתְּנוּ הָעַמּוֹנִים מִנְחָה לְעֻזִּיָּהוּ וַיֵּלֶךְ
ט שְׁמוֹ עַד־לְבוֹא מִצְרַיִם כִּי הֶחֱזִיק עַד־לְמָעְלָה׃ וַיִּבֶן עֻזִּיָּהוּ
מִגְדָּלִים בִּירוּשָׁלִַם עַל־שַׁעַר הַפִּנָּה וְעַל־שַׁעַר הַגַּיְא וְעַל־
י הַמִּקְצוֹעַ וַיְחַזְּקֵם׃ וַיִּבֶן מִגְדָּלִים בַּמִּדְבָּר וַיַּחְצֹב בֹּרוֹת
רַבִּים כִּי מִקְנֶה־רַּב הָיָה לוֹ וּבַשְּׁפֵלָה וּבַמִּישׁוֹר אִכָּרִים
יא וְכֹרְמִים בֶּהָרִים וּבַכַּרְמֶל כִּי־אֹהֵב אֲדָמָה הָיָה׃ וַיְהִי
לְעֻזִּיָּהוּ חַיִל עֹשֵׂה מִלְחָמָה יוֹצְאֵי צָבָא לִגְדוּד בְּמִסְפַּר
פְּקֻדָּתָם בְּיַד יְעוּאֵל הַסּוֹפֵר וּמַעֲשֵׂיָהוּ הַשּׁוֹטֵר עַל יַד־
יב חֲנַנְיָהוּ מִשָּׂרֵי הַמֶּלֶךְ׃ כֹּל מִסְפַּר רָאשֵׁי הָאָבוֹת לְגִבּוֹרֵי

---

כה, כח׳ ס״א דויד   כו, ג׳ ז׳ יתיר י   ז׳ קמץ בטרחא   י׳ הר׳ דגושה
יא׳ נ״א לַגְדוּד   יעיאל קרי

חֵיל אַלְפַּיִם וְשֵׁשׁ מֵאוֹת׃ וְעַל־יָדָם חֵיל צָבָא שְׁלֹשׁ יג
מֵאוֹת אֶלֶף וְשִׁבְעַת אֲלָפִים וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת עוֹשֵׂי מִלְחָמָה
בְּכֹחַ חָיִל לַעְזֹר לַמֶּלֶךְ עַל־הָאוֹיֵב׃ וַיָּכֶן לָהֶם עֻזִּיָּהוּ לְכָל־ יד
הַצָּבָא מָגִנִּים וּרְמָחִים וְכוֹבָעִים וְשִׁרְיֹנוֹת וּקְשָׁתוֹת
וּלְאַבְנֵי קְלָעִים׃ וַיַּעַשׂ ׀ בִּירוּשָׁלִַם חִשְּׁבֹנוֹת מַחֲשֶׁבֶת חוֹשֵׁב טו
לִהְיוֹת עַל־הַמִּגְדָּלִים וְעַל־הַפִּנּוֹת לִירוֹא בַּחִצִּים וּבָאֲבָנִים
גְּדֹלוֹת וַיֵּצֵא שְׁמוֹ עַד־לְמֵרָחוֹק כִּי־הִפְלִיא לְהֵעָזֵר עַד כִּי־
חָזָק׃ וּכְחֶזְקָתוֹ גָּבַהּ לִבּוֹ עַד־לְהַשְׁחִית וַיִּמְעַל בַּיהוָה טז
אֱלֹהָיו וַיָּבֹא אֶל־הֵיכַל יְהוָה לְהַקְטִיר עַל־מִזְבַּח הַקְּטֹרֶת׃
וַיָּבֹא אַחֲרָיו עֲזַרְיָהוּ הַכֹּהֵן וְעִמּוֹ כֹּהֲנִים ׀ לַיהוָה שְׁמוֹנִים יז
בְּנֵי־חָיִל׃ וַיַּעַמְדוּ עַל־עֻזִּיָּהוּ הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמְרוּ לוֹ לֹא־לְךָ יח
עֻזִּיָּהוּ לְהַקְטִיר לַיהוָה כִּי לַכֹּהֲנִים בְּנֵי־אַהֲרֹן הַמְקֻדָּשִׁים
לְהַקְטִיר צֵא מִן־הַמִּקְדָּשׁ כִּי מָעַלְתָּ וְלֹא־לְךָ לְכָבוֹד מֵיְהוָה
אֱלֹהִים׃ וַיִּזְעַף עֻזִּיָּהוּ וּבְיָדוֹ מִקְטֶרֶת לְהַקְטִיר וּבְזַעְפּוֹ יט
עִם־הַכֹּהֲנִים וְהַצָּרַעַת זָרְחָה בְמִצְחוֹ לִפְנֵי הַכֹּהֲנִים בְּבֵית
יְהוָה מֵעַל לְמִזְבַּח הַקְּטֹרֶת׃ וַיִּפֶן אֵלָיו עֲזַרְיָהוּ כֹהֵן כ
הָרֹאשׁ וְכָל־הַכֹּהֲנִים וְהִנֵּה־הוּא מְצֹרָע בְּמִצְחוֹ וַיַּבְהִלוּהוּ
מִשָּׁם וְגַם־הוּא נִדְחַף לָצֵאת כִּי נִגְּעוֹ יְהוָה׃ וַיְהִי עֻזִּיָּהוּ כא
הַמֶּלֶךְ מְצֹרָע ׀ עַד־יוֹם מוֹתוֹ וַיֵּשֶׁב בֵּית הַחָפְשׁוּת מְצֹרָע
כִּי נִגְזַר מִבֵּית יְהוָה וְיוֹתָם בְּנוֹ עַל־בֵּית הַמֶּלֶךְ שׁוֹפֵט
אֶת־עַם הָאָרֶץ׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי עֻזִּיָּהוּ הָרִאשֹׁנִים וְהָאַחֲרֹנִים כב
כָּתַב יְשַׁעְיָהוּ בֶן־אָמוֹץ הַנָּבִיא׃ וַיִּשְׁכַּב עֻזִּיָּהוּ עִם־אֲבֹתָיו כג
וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ עִם־אֲבֹתָיו בִּשְׂדֵה הַקְּבוּרָה אֲשֶׁר לַמְּלָכִים
כִּי אָמְרוּ מְצוֹרָע הוּא וַיִּמְלֹךְ יוֹתָם בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃

כז

בֶּן־עֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה יוֹתָם בְּמָלְכוֹ וְשֵׁשׁ־עֶשְׂרֵה שָׁנָה א
מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְשֵׁם אִמּוֹ יְרוּשָׁה בַּת־צָדוֹק׃ וַיַּעַשׂ הַיָּשָׁר ב

כו, יב׳ קמץ מ״ק   טו׳ הש׳ מדגש   ס״א וב׳   כא׳ החפשית קרי

איז געווען צוויי טויזנט און זעקס הונדערט. 13 און אונטער זייער האַנט איז געווען אַ קריגס־חיל פון דריי הונדערט טויזנט און זיבן טויזנט און פינף הונדערט וואָס האָבן געהאַלטן מלחמה מיט שטאַרקן כּוח, צו העלפן דעם מלך אַקעגן דעם פיינט. 14 און עוזיָהו האָט צוגעגרייט פאַר זיי, פאַר דעם גאַנצן חיל, שילדן, און שפּיזן, און קיווערס, און פּאַנצערס, און בויגנס, און שליידערשטיינער. 15 און ער האָט געמאַכט אין ירושָלַיִם קונציקע געשטעלן, אויסגעטראַכט פון אַ מייסטער, צו זיין אויף די טורעמס און אויף די שפּיצן, אויף צו שיסן מיט פיילן און מיט גרויסע שטיינער; און זיין שם איז אַרויסגעגאַנגען ביז אין מֶרחַקים, וואָרום ער איז וווּנדערלעך געהאָלפן געוואָרן, ביז ער איז געוואָרן שטאַרק.

16 אָבער ווי ער איז שטאַרק געוואָרן, האָט זיין האַרץ זיך דערהויבן ביז צום פאַרדאָרבן ווערן, און ער האָט געפעלשט אָן יהוה זיין גאָט, און ער איז אַריינגעגאַנגען אין הֵיכל פון גאָט צו רייכערן אויף דעם מזבח פאַר ווייררויך. 17 איז אַריינגעגאַנגען נאָך אים עֲזַרְיָהו דער כֹּהן, און מיט אים אַכציק כֹּהנים פון גאָט, העלדישע יונגען, 18 און זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר דעם מלך עוזיָהו, און זיי האָבן צו אים געזאָגט: ניט פאַר דיר, עוזיָהו, איז רייכערן צו גאָט, נאָר פאַר די כֹּהנים, די קינדער פון אַהרן, וואָס זיינען געהייליקט אויף צו רייכערן. גיי אַרויס פון הייליקטום, וואָרום דו האָסט געפעלשט, און דאָס וועט דיר ניט זיין צום כּבוד ביי גאָט דעם האַר. 19 האָט עוזיָהו געצערנט; און אין זיין האַנט איז געווען אַ רייכערפאַן אויף צו רייכערן; און ווי ער האָט געצערנט אויף די כֹּהנים, אַזוי האָט אַ צרעת אויסגעבראָכן אויף זיין שטערן, פאַר די כֹּהנים אין גאָטס הויז, לעבן דעם מזבח פאַר ווייררויך. 20 און עֲזַרְיָהו דער כֹּהן־גָדול און אַלע כֹּהנים האָבן זיך אומגעקוקט, ערשט ער איז מצורע אויף זיין שטערן; האָבן זיי אים אויף גיך אַוועקגענומען פון דאָרטן, און אויך ער האָט זיך געאיילט אַרויסצוגיין, ווייל גאָט האָט אים געפּלאָגט.

21 און דער מלך עוזיָהו איז געווען מצורע ביז דעם טאָג פון זיין טויט; און ער איז געזעסן אין אַן אָפּגעזונדערטן הויז, אַ מצורע; וואָרום ער איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון גאָטס הויז. און זיין זון יוֹתם איז געווען איבער דעם מלכס הויז; ער האָט געמשפּט דאָס פאָלק פון לאַנד.

22 און די איבעריקע זאַכן וועגן עוזיָהון, די ערשטע אַזוי ווי די לעצטע, האָט באַשריבן ישַעיָהו הנביא דער זון פון אָמוֹצן.

23 און עוזיָהו האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און מע האָט אים באַגראָבן ביי זיינע עלטערן אין דעם קבר־פעלד פון די מלכים, וואָרום זיי האָבן געזאָגט: ער איז אַ מצורע. און זיין זון יוֹתם איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

כז 1 פינף און צוואַנציק יאָר איז יוֹתם אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און זעכצן יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם. און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען ירושָה די טאָכטער פון צָדוֹקן.

2 און ער האָט געטאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון גאָט, אַזוי ווי אַלץ וואָס זיין פאָטער עוזיָהו האָט

געטאָן; נאָר ער איז ניט אַריינגעגאַנגען אין הֵיכל פון גאָט. אָבער דאָס פאָלק איז נאָך אַלץ געווען פאַרדאָרבן.

3 ער האָט געבויט דעם אויבערשטן טויער פון גאָטס הויז, און אין דער מויער פון עוֹפֶל האָט ער פיל געבויט. 4 און ער האָט געבויט שטעט אין די בערג פון יהודה, און אין די וועלדער האָט ער געבויט פּאַלאַצן און טורעמס. 5 און ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט דעם מלך פון די קינדער פון עַמון, און האָט זיי איבערגעשטאַרקט, און די קינדער פון עַמון האָבן אים געגעבן אין יענעם יאָר הונ־דערט צענטנער זילבער, און צען טויזנט כּור ווייץ, און גערשטן צען טויזנט. דאָס אייגענע האָבן אים די קינדער פון עַמון געבראַכט אויך אויפן צווייטן יאָר און אויפן דריטן. 6 און יוֹתָם איז געוואָרן שטאַרק, וואָרום ער האָט אויפגעפּאַסט זיינע וועגן פאַר יהוה זיין גאָט.

7 און די איבעריקע זאַכן וועגן יוֹתָמען, און אַלע זיינע מלחמות, און זיינע פירונגען, זיי זיינען באַשריבן אין בוך פון די מלכים פון ישׂראל און יהודה.

8 פינף און צוואַנציק יאָר איז ער אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און זעכצן יאָר האָט ער געקיניגט אין ירוּשָׁלַיִם.

9 און יוֹתָם האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און מע האָט אים באַגראָבן אין דודס־שטאָט. און זיין זון אָחָז איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

בְּעֵינֵי יְהוָה כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה עֻזִּיָּהוּ אָבִיו רַק לֹא־בָא אֶל־
ג הֵיכַל יְהוָה וְעוֹד הָעָם מַשְׁחִיתִים׃ הוּא בָּנָה אֶת־שַׁעַר
ד בֵּית־יְהוָה הָעֶלְיוֹן וּבְחוֹמַת הָעֹפֶל בָּנָה לָרֹב׃ וְעָרִים בָּנָה
ה בְּהַר־יְהוּדָה וּבֶחֳרָשִׁים בָּנָה בִּירָנִיּוֹת וּמִגְדָּלִים׃ וְהוּא
נִלְחַם עִם־מֶלֶךְ בְּנֵי־עַמּוֹן וַיֶּחֱזַק עֲלֵיהֶם וַיִּתְּנוּ־לוֹ בְנֵי־
עַמּוֹן בַּשָּׁנָה הַהִיא מֵאָה כִּכַּר־כֶּסֶף וַעֲשֶׂרֶת אֲלָפִים כֹּרִים
חִטִּים וּשְׂעוֹרִים עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים זֹאת הֵשִׁיבוּ לוֹ בְּנֵי עַמּוֹן
ו וּבַשָּׁנָה הַשֵּׁנִית וְהַשְּׁלִשִׁית׃ וַיִּתְחַזֵּק יוֹתָם כִּי הֵכִין דְּרָכָיו
ז לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהָיו׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי יוֹתָם וְכָל־מִלְחֲמֹתָיו
וּדְרָכָיו הִנָּם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר מַלְכֵי־יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה׃
ח בֶּן־עֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה הָיָה בְמָלְכוֹ וְשֵׁשׁ־עֶשְׂרֵה
ט שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם׃ וַיִּשְׁכַּב יוֹתָם עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ
בְּעִיר דָּוִיד וַיִּמְלֹךְ אָחָז בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃

כח

א בֶּן־עֶשְׂרִים שָׁנָה אָחָז בְּמָלְכוֹ וְשֵׁשׁ־עֶשְׂרֵה שָׁנָה מָלַךְ
בִּירוּשָׁלִָם וְלֹא־עָשָׂה הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה כְּדָוִיד אָבִיו׃
ב וַיֵּלֶךְ בְּדַרְכֵי מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל וְגַם מַסֵּכוֹת עָשָׂה לַבְּעָלִים׃
ג וְהוּא הִקְטִיר בְּגֵיא בֶן־הִנֹּם וַיַּבְעֵר אֶת־בָּנָיו בָּאֵשׁ כְּתֹעֲבוֹת
ד הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הֹרִישׁ יְהוָה מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְזַבֵּחַ וַיְקַטֵּר
ה בַּבָּמוֹת וְעַל־הַגְּבָעוֹת וְתַחַת כָּל־עֵץ רַעֲנָן׃ וַיִּתְּנֵהוּ יְהוָה
אֱלֹהָיו בְּיַד־מֶלֶךְ אֲרָם וַיַּכּוּ־בוֹ וַיִּשְׁבּוּ מִמֶּנּוּ שִׁבְיָה גְדוֹלָה
וַיָּבִיאוּ דַּרְמָשֶׂק וְגַם בְּיַד־מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל נִתָּן וַיַּךְ־בּוֹ מַכָּה
ו גְדוֹלָה׃ וַיַּהֲרֹג פֶּקַח בֶּן־רְמַלְיָהוּ בִּיהוּדָה מֵאָה וְעֶשְׂרִים
אֶלֶף בְּיוֹם אֶחָד הַכֹּל בְּנֵי־חָיִל בְּעָזְבָם אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵי
ז אֲבוֹתָם׃ וַיַּהֲרֹג זִכְרִי ׀ גִּבּוֹר אֶפְרַיִם אֶת־מַעֲשֵׂיָהוּ
בֶּן־הַמֶּלֶךְ וְאֶת־עַזְרִיקָם נְגִיד הַבָּיִת וְאֶת־אֶלְקָנָה מִשְׁנֵה
ח הַמֶּלֶךְ׃ וַיִּשְׁבּוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל מֵאֲחֵיהֶם מָאתַיִם אֶלֶף נָשִׁים

כח,ה׳ קמץ בז״ק

כח 1 צוואַנציק יאָר איז אָחָז אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און זעכצן יאָר האָט ער געקיניגט אין ירוּשָׁלַיִם.

און ער האָט ניט געטאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון גאָט, אַזוי ווי זיין פאָטער דוד. 2 נאָר איז געגאַנגען אין דעם וועג פון די מלכים פון ישׂראל. און ער האָט אויך געמאַכט געגאָסענע בילדער צו די בַּעַל־געטער; 3 און ער האָט גערייכערט אין דעם טאָל פון בֶּן־הִנוֹם, און האָט פאַרברענט זיינע זין אין פייער, אַזוי ווי די אומ־ווערדיקייטן פון די פעלקער וואָס גאָט האָט פאַרטריבן פון פאַר די קינדער פון ישׂראל. 4 און ער האָט געשלאַכט און גערייכערט אויף די בָּמות, און אויף די בערגלעך, און אונטער יעטוועדער צווייגהאַפטיקן בוים. 5 און יהוה זיין גאָט האָט אים געגעבן אין דער האַנט פון דעם מלך פון אֲרָם; און זיי האָבן אים געשלאָגן, און האָבן געפאַנגען פון אים אַ גרויס געפאַנגענשאַפט, און געבראַכט קיין דַרמֶשֶׂק. און אויך אין דער האַנט פון דעם מלך פון ישׂראל איז ער געגעבן געוואָרן, און ער האָט אים געשלאָגן אַ גרויסן שלאַק. 6 און פֶּקַח דער זון פון רמַליָהון האָט אויס־געהרגעט אין יהודה הונדערט און צוואַנציק טויזנט אין איין טאָג, אַלע העלדישע יונגען; פאַרוואָס זיי האָבן פאַר־לאָזן יהוה דעם גאָט פון זייערע עלטערן. 7 און זִכרי דער גיבור פון אפרים האָט געהרגעט מַעֲשֵׂיָהו דעם זון פון מלך, און עַזריקָם דעם פירשט פון הויז, און אֶלקָנָה דעם שֵׁני־למלך. 8 און די קינדער פון ישׂראל האָבן געפאַנגען

בָּנִים וּבָנוֹת וְגַם־שָׁלָל רָב בָּזְזוּ מֵהֶם וַיָּבִיאוּ אֶת־הַשָּׁלָל
לְשֹׁמְרוֹן׃ וְשָׁם הָיָה נָבִיא לַיהוָה עֹדֵד שְׁמוֹ וַיֵּצֵא לִפְנֵי ט
הַצָּבָא הַבָּא לְשֹׁמְרוֹן וַיֹּאמֶר לָהֶם הִנֵּה בַּחֲמַת יְהוָה
אֱלֹהֵי־אֲבוֹתֵיכֶם עַל־יְהוּדָה נְתָנָם בְּיֶדְכֶם וַתַּהַרְגוּ־בָם
בְּזַעַף עַד לַשָּׁמַיִם הִגִּיעַ׃ וְעַתָּה בְּנֵי־יְהוּדָה וִירוּשָׁלַם י
אַתֶּם אֹמְרִים לִכְבֹּשׁ לַעֲבָדִים וְלִשְׁפָחוֹת לָכֶם הֲלֹא רַק
אַתֶּם עִמָּכֶם אֲשָׁמוֹת לַיהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ וְעַתָּה שְׁמָעוּנִי יא
וְהָשִׁיבוּ הַשִּׁבְיָה אֲשֶׁר שְׁבִיתֶם מֵאֲחֵיכֶם כִּי חֲרוֹן אַף־
יְהוָה עֲלֵיכֶם׃ וַיָּקֻמוּ אֲנָשִׁים מֵרָאשֵׁי בְנֵי־אֶפְרַיִם יב
עֲזַרְיָהוּ בֶן־יְהוֹחָנָן בֶּרֶכְיָהוּ בֶן־מְשִׁלֵּמוֹת וִיחִזְקִיָּהוּ בֶּן־
שַׁלֻּם וַעֲמָשָׂא בֶּן־חַדְלָי עַל־הַבָּאִים מִן־הַצָּבָא׃ וַיֹּאמְרוּ יג
לָהֶם לֹא־תָבִיאוּ אֶת־הַשִּׁבְיָה הֵנָּה כִּי לְאַשְׁמַת יְהוָה עָלֵינוּ
אַתֶּם אֹמְרִים לְהֹסִיף עַל־חַטֹּאתֵנוּ וְעַל־אַשְׁמָתֵנוּ כִּי־רַבָּה
אַשְׁמָה לָנוּ וַחֲרוֹן אָף עַל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיַּעֲזֹב הֶחָלוּץ אֶת־ יד
הַשִּׁבְיָה וְאֶת־הַבִּזָּה לִפְנֵי הַשָּׂרִים וְכָל־הַקָּהָל׃ וַיָּקֻמוּ טו
הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־נִקְּבוּ בְשֵׁמוֹת וַיַּחֲזִיקוּ בַשִּׁבְיָה וְכָל־
מַעֲרֻמֵּיהֶם הִלְבִּישׁוּ מִן־הַשָּׁלָל וַיַּלְבִּשׁוּם וַיַּנְעִלוּם וַיַּאֲכִלוּם
וַיַּשְׁקוּם וַיְסֻכוּם וַיְנַהֲלוּם בַּחֲמֹרִים לְכָל־כּוֹשֵׁל וַיְבִיאוּם
יְרֵחוֹ עִיר־הַתְּמָרִים אֵצֶל אֲחֵיהֶם וַיָּשׁוּבוּ שֹׁמְרוֹן׃
בָּעֵת הַהִיא שָׁלַח הַמֶּלֶךְ אָחָז עַל־מַלְכֵי אַשּׁוּר לַעְזֹר לוֹ׃ טז
וְעוֹד אֲדוֹמִים בָּאוּ וַיַּכּוּ בִיהוּדָה וַיִּשְׁבּוּ־שֶׁבִי׃ וּפְלִשְׁתִּים יז יח
פָּשְׁטוּ בְּעָרֵי הַשְּׁפֵלָה וְהַנֶּגֶב לִיהוּדָה וַיִּלְכְּדוּ אֶת־בֵּית־
שֶׁמֶשׁ וְאֶת־אַיָּלוֹן וְאֶת־הַגְּדֵרוֹת וְאֶת־שׂוֹכוֹ וּבְנוֹתֶיהָ וְאֶת־
תִּמְנָה וּבְנוֹתֶיהָ וְאֶת־גִּמְזוֹ וְאֶת־בְּנֹתֶיהָ וַיֵּשְׁבוּ שָׁם׃
כִּי־הִכְנִיעַ יְהוָה אֶת־יְהוּדָה בַּעֲבוּר אָחָז מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל יט
כִּי הִפְרִיעַ בִּיהוּדָה וּמָעוֹל מַעַל בַּיהוָה׃ וַיָּבֹא עָלָיו תִּלְּגַת כ
פִּלְנְאֶסֶר מֶלֶךְ אַשּׁוּר וַיָּצַר לוֹ וְלֹא חֲזָקוֹ׃ כִּי־חִלֵּק אָחָז כא

ח׳ יג׳ קמץ בטרחא    יט׳ סבירין יהודה

פון זייערע ברידער צוויי הונדערט טויזנט ווייבער, זין, און טעכטער, און אויך פיל זאַקרויב האָבן זיי גערויבט פון זיי, און געבראַכט דעם זאַקרויב קיין שומרון.

[9] און דאָרטן איז געווען אַ נביא פון גאָט וואָס זיין נאָמען איז געווען עודֵד; איז ער אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן דעם חיל וואָס איז געקומען קיין שומרון, און ער האָט צו זיי געזאָגט: זעט, פון וועגן דעם גרימצאָרן פון יהוה דעם גאָט פון אײַערע עלטערן אויף יהודה האָט ער זיי געגעבן אין אײַער האַנט, אָבער איר האָט זיי געהרגעט מיט אַ צאָרן וואָס גרייכט ביז צום הימל. [10] און אַצונד ווילט איר די קינדער פון יהודה און ירושָלַיִם באַצווינגען פאַר קנעכט און פאַר דינסטן צו אײַך. זיינען דען ניטאָ אַפילו בײַ אײַך אַליין פאַרשולדיקונגען אַקעגן יהוה אײַער גאָט? [11] דרום הערט מיך צו אַצונד, און קערט אום די געפאַנגענ־שאַפט וואָס איר האָט געפאַנגען פון אײַערע ברידער, וואָרום דער גרימצאָרן פון גאָט איז אויף אײַך.

[12] האָבן עטלעכע פון די הויפּטלײַט פון די קינדער פון אפרים, עֲזַרְיָהוּ דער זון פון יהוֹחָנָנען, בֶּרֶכְיָהוּ דער זון פון משִׁלֵּמוֹתן, און יחִזְקִיָּהוּ דער זון פון שַׁלּוּמען, און עֲמָשָׂא דער זון פון חַדְלַין, זיך אויפגעשטעלט אַקעגן די וואָס זיינען געקומען פון דער מלחמה. [13] און זיי האָבן צו זיי געזאָגט: איר זאָלט ניט ברענגען אַהער די געפאַנ־גענע, וואָרום אַ פאַרשולדיקונג אַקעגן גאָט ווילט איר ברענגען אויף אונדז, נאָך צוצולייגן צו אונדזערע זינד און צו אונדזער פאַרשולדיקונג; וואָרום גרויס איז אונדזער פאַרשולדיקונג און אַ גרימצאָרן איז אויף ישׂראל.

[14] האָבן די באַוואָפנטע אַוועקגעלאָזט די געפאַנגענע און דעם רויב, פאַר די פירשטן און דער גאַנצער אײַנזאַמ־לונג. [15] און די מענער וואָס זיינען אָנגערופן געוואָרן מיט די נעמען, זיינען אויפגעשטאַנען, און האָבן גענומען די געפאַנגענע, און אַלע זייערע נאַקעטע האָבן זיי באַקליידט פון דעם זאַקרויב; און אַז זיי האָבן זיי באַקליידט און זיי באַשוכט, און זיי געגעבן עסן און טרינקען, און זיי באַזאַלבט, האָבן זיי אַלע זייערע שוואַכע אַוועקגעפירט אויף אייזלען, און זיי געבראַכט קיין יריחוֹ דער שטאָט פון טייטלביימער, צו זייערע ברידער, און האָבן זיך אומגעקערט קיין שומרון.

[16] אין יענער צײַט האָט דער מלך אָחָז געשיקט צו די מלכים פון אַשור, זיי זאָלן אים העלפן. [17] וואָרום די אַדוֹמים זיינען ווידער געקומען, און האָבן געשלאָגן יהודה און געפאַנגען געפאַנגענע. [18] און די פּלִשתּים האָבן זיך צעשפּרייט אין די שטעט פון דער נידערונג, און פון דָרום יהודה, און זיי האָבן באַצוווּנגען בֵּית־שֶׁמֶש, און אַיָלוֹן, און גדֵרוֹת, און שׂוֹכוֹ מיט אירע טעכטערשטעט, און תִּמְנָה מיט אירע טעכטערשטעט, און גִמזוֹ מיט אירע טעכטער־שטעט; און זיי האָבן זיך דאָרטן באַזעצט. [19] וואָרום גאָט האָט געמאַכט אונטערטעניק יהודה פון וועגן אָחָז דעם מלך פון ישׂראל, ווײַל ער האָט געווילדעוועט אין יהודה און געפעלשט אַ פעלשונג אָן גאָט. [20] און תִּלגַת־פִּלנֶסֶר, דער מלך פון אַשור, איז געקומען אויף אים, און האָט אים געדריקט און אים ניט געשטאַרקט. [21] וואָרום אָחָז האָט

אויסגעלײדיקט דאָס הויז פון גאָט, און דאָס הויז פון דעם
מלך און די פירשטן, און אַװעקגעגעבן דעם מלך פון
אַשור, אָבער עס האָט אים ניט געהאָלפן.

22 און אין דער צייט װאָס אים האָט צוגעדריקט
האָט ער נאָך מער געפעלשט אָן גאָט, דער דאָזיקער מלך
אָחָז. 23 און ער האָט געשלאַכט צו די געטער פון דַרמֶשֶׂק
װאָס האָט אים געשלאָגן, און ער האָט געזאָגט: װײַל די
געטער פון די מלכים פון אֲרָם העלפן זיי, דרום װעל איך
שלאַכטן צו זיי, אַז זיי זאָלן מיך העלפן. און זיי זיינען גע־
װען אַ שטרויכלונג פאַר אים און פאַר גאַנץ ישׂראל. 24 און
אָחָז האָט אײַנגעזאַמלט די כּלים פון גאָטס הויז, און האָט
צעהאַקט די כּלים פון גאָטס הויז, און פאַרשלאָסן די טירן
פון גאָטס הויז, און זיך געמאַכט מזבחות אויף יעטװעדער
װינקל אין ירושָלַיִם. 25 און אין יעטװעדער שטאָט פון
יהודה האָט ער געמאַכט בָּמות אויף צו רייכערן צו
פרעמדע געטער, און האָט דערצערנט יהוה דעם גאָט
פון זיינע עלטערן.

26 און די איבעריקע זאַכן װעגן אים, און אַלע זיינע
פירונגען, די ערשטע אַזוי װי די לעצטע, זיי זיינען באַ־
שריבן אין בוך פון די מלכים פון יהודה און ישׂראל.

27 און אָחָז האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און
מע האָט אים באַגראָבן אין שטאָט, אין ירושָלַיִם; װאָרום
מע האָט אים ניט געבראַכט אין די קברים פון די מלכים
פון ישׂראל. און זיין זון יחִזקִיָהו איז געװאָרן מלך אויף
זיין אָרט.

אֶת־בֵּית יְהוָה וְאֶת־בֵּית הַמֶּלֶךְ וְהַשָּׂרִים וַיִּתֵּן לְמֶלֶךְ אַשּׁוּר
כב וְלֹא לְעֶזְרָה לוֹ׃ וּבְעֵת הָצֵר לוֹ וַיּוֹסֶף לִמְעוֹל בַּיהוָה הוּא
כג הַמֶּלֶךְ אָחָז׃ וַיִּזְבַּח לֵאלֹהֵי דַרְמֶשֶׂק הַמַּכִּים בּוֹ וַיֹּאמֶר כִּי
אֱלֹהֵי מַלְכֵי־אֲרָם הֵם מַעְזְרִים אוֹתָם לָהֶם אֲזַבֵּחַ וְיַעְזְרוּנִי
כד וְהֵם הָיוּ־לוֹ לְהַכְשִׁילוֹ וּלְכָל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיֶּאֱסֹף אָחָז אֶת־כְּלֵי
בֵית־הָאֱלֹהִים וַיְקַצֵּץ אֶת־כְּלֵי בֵית־הָאֱלֹהִים וַיִּסְגֹּר אֶת־
דַּלְתוֹת בֵּית־יְהוָה וַיַּעַשׂ לוֹ מִזְבְּחוֹת בְּכָל־פִּנָּה בִּירוּשָׁלִָם׃
כה וּבְכָל־עִיר וָעִיר לִיהוּדָה עָשָׂה בָמוֹת לְקַטֵּר לֵאלֹהִים
כו אֲחֵרִים וַיַּכְעֵס אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבֹתָיו׃ וְיֶתֶר דְּבָרָיו וְכָל־
דְּרָכָיו הָרִאשֹׁנִים וְהָאַחֲרוֹנִים הִנָּם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר מַלְכֵי־
כז יְהוּדָה וְיִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁכַּב אָחָז עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקְבְּרֻהוּ בָעִיר
בִּירוּשָׁלִַם כִּי לֹא הֱבִיאֻהוּ לְקִבְרֵי מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּמְלֹךְ
יְחִזְקִיָּהוּ בְנוֹ תַּחְתָּיו׃

## כט

א יְחִזְקִיָּהוּ מָלַךְ בֶּן־עֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה וְעֶשְׂרִים וָתֵשַׁע
ב שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְשֵׁם אִמּוֹ אֲבִיָּה בַּת־זְכַרְיָהוּ׃ וַיַּעַשׂ
ג הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה דָּוִיד אָבִיו׃ הוּא
בַשָּׁנָה הָרִאשׁוֹנָה לְמָלְכוֹ בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן פָּתַח אֶת־דַּלְתוֹת
ד בֵּית־יְהוָה וַיְחַזְּקֵם׃ וַיָּבֵא אֶת־הַכֹּהֲנִים וְאֶת־הַלְוִיִּם וַיַּאַסְפֵם
ה לִרְחוֹב הַמִּזְרָח׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם שְׁמָעוּנִי הַלְוִיִּם עַתָּה
הִתְקַדְּשׁוּ וְקַדְּשׁוּ אֶת־בֵּית יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבֹתֵיכֶם וְהוֹצִיאוּ
ו אֶת־הַנִּדָּה מִן־הַקֹּדֶשׁ׃ כִּי־מָעֲלוּ אֲבֹתֵינוּ וְעָשׂוּ הָרַע בְּעֵינֵי־
יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וַיַּעַזְבֻהוּ וַיַּסֵּבּוּ פְנֵיהֶם מִמִּשְׁכַּן יְהוָה וַיִּתְּנוּ־
ז עֹרֶף׃ גַּם סָגְרוּ דַּלְתוֹת הָאוּלָם וַיְכַבּוּ אֶת־הַנֵּרוֹת וּקְטֹרֶת
ח לֹא הִקְטִירוּ וְעֹלָה לֹא־הֶעֱלוּ בַקֹּדֶשׁ לֵאלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי
קֶצֶף יְהוָה עַל־יְהוּדָה וִירוּשָׁלִָם וַיִּתְּנֵם לְזַוְעָה לְשַׁמָּה
ט וְלִשְׁרֵקָה כַּאֲשֶׁר אַתֶּם רֹאִים בְּעֵינֵיכֶם׃ וְהִנֵּה נָפְלוּ אֲבוֹתֵינוּ

כט, ח׳ לזעוה קרי

## כט

1 יחִזקִיָהו איז געװאָרן מלך צו פינף און צװאַנציק יאָר, און ניין און צװאַנציק יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם.
און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געװען אֲבִיָה די טאָכטער פון זכַריָהו.
2 און ער האָט געטאָן װאָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון גאָט, אַזוי װי אַלץ װאָס זיין פאָטער דוד האָט
געטאָן. 3 ער האָט אין ערשטן יאָר פון זיין מלוכה, אין ערשטן חודש, געעפנט די טירן פון גאָטס הויז, און זיי פאַר־
ריכט. 4 און ער האָט געבראַכט די כּהנים און די לוִיִם, און האָט זיי אײַנגעזאַמלט אויף דעם ברייטן פּלאַץ אין
מזרח. 5 און ער האָט צו זיי געזאָגט: הערט מיך צו, לוִיִם, הייליקט אייך אַצונד, און הייליקט דאָס הויז פון יהוה
דעם גאָט פון אײַערע עלטערן, און טראָגט אַרויס די אומרייניקייט פון הייליקטום. 6 װאָרום אונדזערע עלטערן
האָבן געפעלשט, און האָבן געטאָן װאָס איז שלעכט אין די אויגן פון יהוה אונדזער גאָט, און האָבן אים פאַרלאָזן,
און אַװעקגעדרייט זייער פנים פון גאָטס מִשכּן, און צוגעקערט דעם רוקן. 7 זיי האָבן אויך פאַרשלאָסן די טיר
פון פאָדערהויז, און פאַרלאָשן די ליכט, און קיין װיירויך האָבן זיי ניט געריכערט, און קיין בראַנדאָפּפער האָבן
זיי ניט אויפגעבראַכט אין הייליקטום צום גאָט פון ישׂראל. 8 און דער צאָרן פון גאָט איז געװען אויף יהודה און ירושָלַיִם,
און ער האָט זיי געמאַכט פאַר אַ גרויל, פאַר אַ שרעק, און פאַר אַ שמוצערונג, אַזוי װי איר זעט מיט אײַערע אויגן. 9 און

בֶּחָ֑רֶב וּבָנֵ֨ינוּ וּבְנוֹתֵ֧ינוּ וְנָשֵׁ֛ינוּ בַּשְּׁבִ֖י עַל־זֹֽאת׃ עַתָּה֙ עִם־ י
לְבָבִ֔י לִכְר֣וֹת בְּרִ֔ית לַיהוָ֖ה אֱלֹהֵ֣י יִשְׂרָאֵ֑ל וְיָשֹׁ֥ב מִמֶּ֖נּוּ חֲר֥וֹן
אַפּֽוֹ׃ בָּנַ֕י עַתָּ֖ה אַל־תִּשָּׁל֑וּ כִּֽי־בָכֶ֞ם בָּחַ֣ר יְהוָ֗ה לַעֲמֹ֤ד יא
לְפָנָיו֙ לְשָׁ֣רְת֔וֹ וְלִהְי֥וֹת ל֖וֹ מְשָׁרְתִ֥ים וּמַקְטִרִֽים׃ וַיָּקֻ֣מוּ יב
הַלְוִיִּ֡ם מַ֣חַת בֶּן־עֲמָשַׂי֩ וְיוֹאֵ֨ל בֶּן־עֲזַרְיָ֜הוּ מִן־בְּנֵ֣י הַקְּהָתִ֗י
וּמִן־בְּנֵ֤י מְרָרִי֙ קִ֣ישׁ בֶּן־עַבְדִּ֔י וַעֲזַרְיָ֖הוּ בֶּן־יְהַלֶּלְאֵ֑ל וּמִן־
הַגֵּ֣רְשֻׁנִּ֗י יוֹאָח֙ בֶּן־זִמָּ֔ה וְעֵ֖דֶן בֶּן־יוֹאָֽח׃ וּמִן־בְּנֵי֙ אֱלִ֣יצָפָ֔ן יג
שִׁמְרִ֖י וִיעוּאֵ֑ל וּמִן־בְּנֵ֣י אָסָ֔ף זְכַרְיָ֖הוּ וּמַתַּנְיָֽהוּ׃
וּמִן־בְּנֵ֥י הֵימָ֖ן יְחוּאֵ֣ל וְשִׁמְעִ֑י וּמִן־בְּנֵ֣י יְדוּת֔וּן שְׁמַֽעְיָ֖ה יד
וְעֻזִּיאֵֽל׃ וַיַּאַסְפ֤וּ אֶת־אֲחֵיהֶם֙ וַיִּֽתְקַדְּשׁ֔וּ וַיָּבֹ֥אוּ כְמִצְוַת־ טו
הַמֶּ֖לֶךְ בְּדִבְרֵ֣י יְהוָ֑ה לְטַהֵ֖ר בֵּ֥ית יְהוָֽה׃ וַיָּבֹ֨אוּ הַכֹּהֲנִ֜ים טז
לִפְנִ֣ימָה בֵית־יְהוָה֮ לְטַהֵר֒ וַיּוֹצִ֗יאוּ אֵ֤ת כָּל־הַטֻּמְאָה֙ אֲשֶׁ֤ר
מָֽצְאוּ֙ בְּהֵיכַ֣ל יְהוָ֔ה לַחֲצַ֖ר בֵּ֣ית יְהוָ֑ה וַֽיְקַבְּלוּ֙ הַלְוִיִּ֔ם
לְהוֹצִ֥יא לְנַֽחַל־קִדְר֖וֹן חֽוּצָה׃ וַ֠יָּחֵלּוּ בְּאֶחָ֨ד לַחֹ֤דֶשׁ הָֽרִאשׁוֹן֙ יז
לְקַדֵּ֔שׁ וּבְי֧וֹם שְׁמוֹנָ֣ה לַחֹ֗דֶשׁ בָּ֚אוּ לְאוּלָ֣ם יְהוָ֔ה וַיְקַדְּשׁ֥וּ
אֶת־בֵּית־יְהוָ֖ה לְיָמִ֣ים שְׁמוֹנָ֑ה וּבְי֨וֹם שִׁשָּׁ֥ה עָשָׂ֛ר לַחֹ֥דֶשׁ
הָרִאשׁ֖וֹן כִּלּֽוּ׃ וַיָּב֣וֹאוּ פְנִ֗ימָה אֶל־חִזְקִיָּ֙הוּ֙ הַמֶּ֔לֶךְ יח
וַיֹּאמְר֕וּ טִהַ֖רְנוּ אֶת־כָּל־בֵּ֣ית יְהוָ֑ה * אֶת־מִזְבַּ֤ח הָעוֹלָה֙
וְאֶת־כָּל־כֵּלָ֔יו וְאֶת־שֻׁלְחַ֥ן הַמַּעֲרֶ֖כֶת וְאֶת־כָּל־כֵּלָֽיו׃ וְאֵ֣ת יט
כָּל־הַכֵּלִ֗ים אֲשֶׁ֨ר הִזְנִ֜יחַ הַמֶּ֧לֶךְ אָחָ֛ז בְּמַלְכוּת֥וֹ בְּמַעֲל֖וֹ
הֵכַ֣נּוּ וְהִקְדָּ֑שְׁנוּ וְהִנָּ֕ם לִפְנֵ֖י מִזְבַּ֥ח יְהוָֽה׃ וַיַּשְׁכֵּם֙ כ
יְחִזְקִיָּ֣הוּ הַמֶּ֔לֶךְ וַיֶּאֱסֹ֕ף אֵ֖ת שָׂרֵ֣י הָעִ֑יר וַיַּ֖עַל בֵּ֥ית יְהוָֽה׃
וַיָּבִ֣יאוּ פָֽרִים־שִׁ֠בְעָה וְאֵילִ֨ים שִׁבְעָ֜ה וּכְבָשִׂ֣ים שִׁבְעָ֗ה כא
וּצְפִירֵ֨י עִזִּ֤ים שִׁבְעָה֙ לְחַטָּ֔את עַל־הַמַּמְלָכָ֥ה וְעַל־הַמִּקְדָּ֖שׁ
וְעַל־יְהוּדָ֑ה וַיֹּ֗אמֶר לִבְנֵ֤י אַהֲרֹן֙ הַכֹּ֣הֲנִ֔ים לְהַעֲל֖וֹת עַל־
מִזְבַּ֥ח יְהוָֽה׃ וַֽיִּשְׁחֲטוּ֙ הַבָּקָ֔ר וַיְקַבְּל֤וּ הַכֹּהֲנִים֙ אֶת־הַדָּ֔ם כב
וַיִּזְרְק֖וּ הַמִּזְבֵּ֑חָה וַיִּשְׁחֲט֣וּ הָאֵלִ֗ים וַיִּזְרְק֤וּ הַדָּם֙ הַמִּזְבֵּ֔חָה
וַֽיִּשְׁחֲטוּ֙ הַכְּבָשִׂ֔ים וַיִּזְרְק֥וּ הַדָּ֖ם הַמִּזְבֵּֽחָה׃ וַיַּגִּ֙ישׁוּ֙ אֶת־ כג

יג׳ ויעיאל קרי   יד׳ יחיאל קרי   יח׳ כצ״ל ובס׳ ואת   יט׳ בס״א פתח באתנח

אָט זיינען אונדזערע עלטערן געפאַלן דורכן שווערד, און אונדזערע זין, און אונדזערע טעכטער, און אונדזערע ווייבער, זיינען אין געפאַנגענשאַפט איבער דעם. [10] אַצונד איז אין מיין האַרצן צו שליסן אַ בונד צו יהוה דעם גאָט פון ישׂראל, כּדי זיין גרימצאָרן זאָל זיך אָפּקערן פון אונדז. [11] מיינע קינדער, איר זאָלט אַצונד ניט זיין אָפּגעלאָזט, וואָרום אַייך האָט גאָט אויסדערוויילט צו שטיין פאַר אים, אים צו באַדינען, און זיין צו אים דינער און רייכערן.

[12] זיינען אויפגעשטאַנען די לוִיִים: מַחַת דער זון פון עֲמָשַׂין, און יוֹאֵל דער זון פון עֲזַרְיָהוּן, פון די קינדער פון די קְהָתִים; און פון די קינדער פון מְרָרִי, קִיש דער זון פון עַבדין, און עֲזַרְיָהוּ דער זון פון יְהַלֶּלְאֵלן; און פון די גֵרשוּנים, יוֹאָח דער זון פון זִמָּהן, און עֵדֶן דער זון פון יוֹאָחן; [13] און פון די קינדער פון אֱלִיצָפָן, שִׁמרי, און יְעִיאֵל; און פון די קינדער פון אָסָף, זכַרְיָהוּ, און מַתַּנְיָהוּ; [14] און פון די קינדער פון הֵימָן, יחיאֵל, און שִׁמְעִי; און פון די קינדער פון ידותון, שמַעְיָה, און עוזיאֵל. [15] און זיי האָבן אַיינגעזאַמלט זייערע ברידער, און זיי האָבן זיך געהייליקט, און זיינען געקומען אַזוי ווי דעם מלכס באַפעל לויט די ווערטער פון גאָט, צו רייניקן דאָס הויז פון גאָט. [16] און די כּהנים זיינען אַריינגעגאַנגען אינעווייניק אין הויז פון גאָט, צו רייניקן, און זיי האָבן אַרויסגעטראָגן די גאַנצע טומאה וואָס זיי האָבן געפונען אין דעם טעמפּל פון גאָט, אין הויף פון גאָטס הויז; און די לוִיִים האָבן עס צוגענומען אַרויסצוטראָגן דרויסן צום טייך קִדרוֹן. [17] און זיי האָבן אָנגעהויבן הייליקן אין ערשטן טאָג פון ערשטן חודש, און אין אַכטן טאָג פון חודש זיינען זיי געקומען אין דעם פּאָדערהויז פון גאָט; און זיי האָבן געהייליקט דאָס הויז פון גאָט אין אַכט טעג; און אין זעכצנטן טאָג פון ערשטן חודש האָבן זיי געענדיקט. [18] און זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אינעווייניק [אין פּאַלאַץ] צום מלך חִזקִיָהוּ, און האָבן געזאָגט: מיר האָבן גערייניקט דאָס גאַנצע הויז פון גאָט, און דעם מזבח פאַר בראַנדאָפּפער און אַלע זיינע כּלים, און דעם טיש פאַר דער אויסלייגונג [פון ברויט] און אַלע זיינע כּלים. [19] און אַלע כּלים וואָס דער מלך אָחָז האָט אַוועקגעוואָרפן אין זיין מלוכה, ווען ער האָט געפעלשט, האָבן מיר צורעכטגעמאַכט און געהייליקט, און אָט זיינען זיי פאַר דעם מזבח פון גאָט.

[20] האָט זיך געפעדערט דער מלך יחִזקִיָהוּ, און ער האָט אַיינגעזאַמלט אַלע האַרן פון שטאָט, און ער איז אַרויפגעגאַנגען אין גאָטס הויז. [21] און מע האָט געבראַכט זיבן אָקסן, און זיבן ווידערס, און זיבן שעפּסן, און זיבן ציגנבעק, פאַר אַ זינדאָפּפער פאַר דער מלוכה, און פאַר דעם הייליקטום, און פאַר יהודה. און ער האָט געהייסן די קינדער פון אַהרן, די כּהנים, זיי אויפברענגען אויף דעם מזבח פון גאָט. [22] און זיי האָבן געשאָכטן די רינדער, און די כּהנים האָבן צוגענומען דאָס בלוט, און געשפּרענגט אויפן מזבח; און זיי האָבן געשאָכטן די שעפּסן, און געשפּרענגט דאָס בלוט

שְׂעִירֵי הַחַטָּאת לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וְהַקָּהָל וַיִּסְמְכוּ יְדֵיהֶם עֲלֵיהֶם׃
כד וַיִּשְׁחָטוּם הַכֹּהֲנִים וַיְחַטְּאוּ אֶת־דָּמָם הַמִּזְבֵּחָה לְכַפֵּר
עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל כִּי לְכָל־יִשְׂרָאֵל אָמַר הַמֶּלֶךְ הָעוֹלָה
כה וְהַחַטָּאת׃ וַיַּעֲמֵד אֶת־הַלְוִיִּם בֵּית יְהוָה בִּמְצִלְתַּיִם בִּנְבָלִים
וּבְכִנֹּרוֹת בְּמִצְוַת דָּוִיד וְגָד חֹזֵה־הַמֶּלֶךְ וְנָתָן הַנָּבִיא כִּי
כו בְיַד־יְהוָה הַמִּצְוָה בְּיַד־נְבִיאָיו׃ וַיַּעַמְדוּ הַלְוִיִּם
כז בִּכְלֵי דָוִיד וְהַכֹּהֲנִים בַּחֲצֹצְרוֹת׃ וַיֹּאמֶר חִזְקִיָּהוּ לְהַעֲלוֹת
הָעֹלָה לְהַמִּזְבֵּחַ וּבְעֵת הֵחֵל הָעוֹלָה הֵחֵל שִׁיר־יְהוָה
כח וְהַחֲצֹצְרוֹת וְעַל־יְדֵי כְּלֵי דָּוִיד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל׃ וְכָל־הַקָּהָל
מִשְׁתַּחֲוִים וְהַשִּׁיר מְשׁוֹרֵר וְהַחֲצֹצְרוֹת מַחְצְצְרִים הַכֹּל
כט עַד לִכְלוֹת הָעֹלָה׃ וּכְכַלּוֹת לְהַעֲלוֹת כָּרְעוּ הַמֶּלֶךְ וְכָל־
ל הַנִּמְצְאִים אִתּוֹ וַיִּשְׁתַּחֲווּ׃ וַיֹּאמֶר יְחִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ
וְהַשָּׂרִים לַלְוִיִּם לְהַלֵּל לַיהוָה בְּדִבְרֵי דָוִיד וְאָסָף הַחֹזֶה
לא וַיְהַלְלוּ עַד־לְשִׂמְחָה וַיִּקְּדוּ וַיִּשְׁתַּחֲווּ׃ וַיַּעַן יְחִזְקִיָּהוּ
וַיֹּאמֶר עַתָּה מִלֵּאתֶם יֶדְכֶם לַיהוָה גֹּשׁוּ וְהָבִיאוּ זְבָחִים
וְתוֹדוֹת לְבֵית יְהוָה וַיָּבִיאוּ הַקָּהָל זְבָחִים וְתוֹדוֹת וְכָל־
לב נְדִיב לֵב עֹלוֹת׃ וַיְהִי מִסְפַּר הָעֹלָה אֲשֶׁר־הֵבִיאוּ הַקָּהָל
בָּקָר שִׁבְעִים אֵילִים מֵאָה כְּבָשִׂים מָאתָיִם לְעֹלָה לַיהוָה
לג כָּל־אֵלֶּה׃ וְהַקֳּדָשִׁים בָּקָר שֵׁשׁ מֵאוֹת וְצֹאן שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים׃
לד רַק הַכֹּהֲנִים הָיוּ לִמְעָט וְלֹא יָכְלוּ לְהַפְשִׁיט אֶת־כָּל־
הָעֹלוֹת וַיְחַזְּקוּם אֲחֵיהֶם הַלְוִיִּם עַד־כְּלוֹת הַמְּלָאכָה וְעַד־
יִתְקַדְּשׁוּ הַכֹּהֲנִים כִּי הַלְוִיִּם יִשְׁרֵי לֵבָב לְהִתְקַדֵּשׁ מֵהַכֹּהֲנִים׃
לה וְגַם־עֹלָה לָרֹב בְּחֶלְבֵי הַשְּׁלָמִים וּבַנְּסָכִים לָעֹלָה וַתִּכּוֹן
לו עֲבוֹדַת בֵּית־יְהוָה׃ וַיִּשְׂמַח יְחִזְקִיָּהוּ וְכָל־הָעָם עַל הַהֵכִין
הָאֱלֹהִים לָעָם כִּי בְּפִתְאֹם הָיָה הַדָּבָר׃

ל

א וַיִּשְׁלַח יְחִזְקִיָּהוּ עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה וְגַם־אִגְּרוֹת כָּתַב

כט,כח׳ יתיר צ׳   לד׳ קמץ בז״ק   לה׳ בס״א עלה לרב ובס״א עֹלָה לרֹב

אויפן מזבח. [23] און מע האָט גענענט די בעק פון זינדאָפּפער פאַר דעם מלך און דער אַיינזאַמלונג, און זיי האָבן אָנגעלענט אויף זיי זייערע הענט. [24] און די כּהנים האָבן זיי געשאָכטן, און האָבן אַרויפגעטאָן זייער בלוט פאַר אַ זינדאָפּפער אויפן מזבח, כּדי מכפּר צו זיין אויף גאַנץ ישׂראל; וואָרום דער מלך האָט אָנגעזאָגט אַז פאַר גאַנץ ישׂראל זאָל זיין דאָס בראַנדאָפּפער און דאָס זינדאָפּפער.

[25] און ער האָט געשטעלט די לוִיִים אין גאָטס הויז מיט צימבלען, מיט גיטאַרן, און מיט האַרפן, לויט דעם באַפעל פון דודן, און גָד דעם מלכס זעער, און נָתָן דעם נביא; וואָרום דער באַפעל איז געווען פון גאָט דורך זיינע נביאים. [26] און די לוִיִים זיינען געשטאַנען מיט די כּלֵי־זֶמֶר פון דודן, און די כּהנים מיט טרומייטן. [27] און חִזקִיָהו האָט געהייסן אויפברענגען דאָס בראַנדאָפּפער אויפן מזבח, און בעת דאָס בראַנדאָפּפער האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געזאַנג פון גאָט מיט די טרומייטן, און אין איינעם מיט די כּלֵי־זֶמֶר פון דוד דעם מלך פון ישׂראל. [28] און די גאַנצע אַיינזאַמלונג האָט זיך געבוקט, און די זינגערס האָבן געזונגען, און די טרומייטן האָבן געטרומייטערט – דאָס אַלץ האָט אָנגעהאַלטן ביז דאָס בראַנדאָפּפער האָט זיך געענדיקט.

[29] און ווי מע האָט געענדיקט אויפברענגען, האָט דער מלך און אַלע וואָס האָבן זיך געפונען מיט אים, געקניט און זיך געבוקט. [30] און דער מלך יחִזקִיָהו און די האַרן האָבן געהייסן די לוִיִים לויבן גאָט אין די ווערטער פון דודן און אָסָף דעם זעער, און זיי האָבן געלויבט מיט שׂמחה, און האָבן זיך גענייגט און זיך געבוקט.

[31] און יחִזקִיָהו האָט זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט: אַצונד האָט איר דערפילט אַייער האַנט[א] צו גאָט; גענענט, און ברענגט שלאַכטאָפּפער און דאַנקאָפּפער אין הויז פון גאָט. און די אַיינזאַמלונג האָט געבראַכט שלאַכטאָפּפער און דאַנקאָפּפער, און איטלעכער וואָס זיין האַרץ איז געווען ווילִיק – בראַנדאָפּפער. [32] און די צאָל פון די בראַנדאָפּפער וואָס די אַיינזאַמלונג האָט געבראַכט, איז געווען זיבעציק רינדער, הונדערט ווידערס, צוויי הונדערט שעפּסן; די אַלע פאַר אַ בראַנדאָפּפער צו גאָט. [33] און די געהייליקטע זיינען געווען זעקס הונדערט רינדער, און דריי טויזנט שאָף. [34] אָבער די כּהנים זיינען געווען צו ווינציק, און זיי האָבן ניט געקענט אָפּשינדן אַלע בראַנדאָפּפער; האָבן זייערע ברידער די לוִיִים זיי אונטערגעהאָלפן ביז די אַרבעט איז געווען געענדיקט, און ביז די כּהנים האָבן זיך געהייליקט; וואָרום די לוִיִים זיינען געווען רעכטפאַרטיקער אין האַרצן זיך צו הייליקן פון די כּהנים. [35] און אויך בראַנדאָפּפער זיינען געווען לרֹוב, מיט פעטס פון פרידאָפּפער, און מיט גיסאָפּפער צו די בראַנדאָפּפער.

אַזוי איז אַיינגעשטעלט געוואָרן דער דינסט פון גאָטס הויז. [36] און יחִזקִיָהו און דאָס גאַנצע פאָלק האָבן זיך געפרייט איבער דעם וואָס גאָט האָט אָנגעברייט פאַר דעם פאָלק, וואָרום די זאַך איז געשען פּלוצלינג.

ל [1] און יחִזקִיָהו האָט געשיקט צו גאַנץ ישׂראל און יהודה, און ער האָט אויך געשריבן בריוו צו אפרים און מנשה,

[א] ד. ה. זיך אַיינגעווייט.

עַל־אֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה לָבוֹא לְבֵית־יְהוָה בִּירוּשָׁלִָם לַעֲשׂוֹת
ב פֶּסַח לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּוָּעַץ הַמֶּלֶךְ וְשָׂרָיו וְכָל־
ג הַקָּהָל בִּירוּשָׁלִָם לַעֲשׂוֹת הַפֶּסַח בַּחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי׃ כִּי לֹא
יָכְלוּ לַעֲשֹׂתוֹ בָּעֵת הַהִיא כִּי הַכֹּהֲנִים לֹא־הִתְקַדְּשׁוּ לְמַדַּי
ד וְהָעָם לֹא־נֶאֶסְפוּ לִירוּשָׁלִָם׃ וַיִּישַׁר הַדָּבָר בְּעֵינֵי הַמֶּלֶךְ
ה וּבְעֵינֵי כָּל־הַקָּהָל׃ וַיַּעֲמִידוּ דָבָר לְהַעֲבִיר קוֹל בְּכָל־
יִשְׂרָאֵל מִבְּאֵר־שֶׁבַע וְעַד־דָּן לָבוֹא לַעֲשׂוֹת פֶּסַח לַיהוָה
ו אֱלֹהֵי־יִשְׂרָאֵל בִּירוּשָׁלִָם כִּי לֹא לָרֹב עָשׂוּ כַּכָּתוּב׃ וַיֵּלְכוּ
הָרָצִים בָּאִגְּרוֹת מִיַּד הַמֶּלֶךְ וְשָׂרָיו בְּכָל־יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה
וּכְמִצְוַת הַמֶּלֶךְ לֵאמֹר בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שׁוּבוּ אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵי
אַבְרָהָם יִצְחָק וְיִשְׂרָאֵל וְיָשֹׁב אֶל־הַפְּלֵיטָה הַנִּשְׁאֶרֶת
ז לָכֶם מִכַּף מַלְכֵי אַשּׁוּר׃ וְאַל־תִּהְיוּ כַּאֲבוֹתֵיכֶם וְכַאֲחֵיכֶם
אֲשֶׁר מָעֲלוּ בַּיהוָה אֱלֹהֵי אֲבוֹתֵיהֶם וַיִּתְּנֵם לְשַׁמָּה כַּאֲשֶׁר
ח אַתֶּם רֹאִים׃ עַתָּה אַל־תַּקְשׁוּ עָרְפְּכֶם כַּאֲבוֹתֵיכֶם תְּנוּ־יָד
לַיהוָה וּבֹאוּ לְמִקְדָּשׁוֹ אֲשֶׁר הִקְדִּישׁ לְעוֹלָם וְעִבְדוּ אֶת־
ט יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם וְיָשֹׁב מִכֶּם חֲרוֹן אַפּוֹ׃ כִּי בְשׁוּבְכֶם עַל־
יְהוָה אֲחֵיכֶם וּבְנֵיכֶם לְרַחֲמִים לִפְנֵי שׁוֹבֵיהֶם וְלָשׁוּב
לָאָרֶץ הַזֹּאת כִּי־חַנּוּן וְרַחוּם יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם וְלֹא־יָסִיר
י פָּנִים מִכֶּם אִם־תָּשׁוּבוּ אֵלָיו׃ וַיִּהְיוּ הָרָצִים עֹבְרִים
מֵעִיר ׀ לָעִיר בְּאֶרֶץ־אֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה וְעַד־זְבֻלוּן וַיִּהְיוּ
יא מַשְׂחִיקִים עֲלֵיהֶם וּמַלְעִגִים בָּם׃ אַךְ אֲנָשִׁים מֵאָשֵׁר
יב וּמְנַשֶּׁה וּמִזְּבֻלוּן נִכְנְעוּ וַיָּבֹאוּ לִירוּשָׁלִָם׃ גַּם בִּיהוּדָה
הָיְתָה יַד הָאֱלֹהִים לָתֵת לָהֶם לֵב אֶחָד לַעֲשׂוֹת מִצְוַת
יג הַמֶּלֶךְ וְהַשָּׂרִים בִּדְבַר יְהוָה׃ וַיֵּאָסְפוּ יְרוּשָׁלִַם עַם־רָב
לַעֲשׂוֹת אֶת־חַג הַמַּצּוֹת בַּחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי קָהָל לָרֹב מְאֹד׃
יד וַיָּקֻמוּ וַיָּסִירוּ אֶת־הַמִּזְבְּחוֹת אֲשֶׁר בִּירוּשָׁלִָם וְאֵת כָּל־
טו הַמְקַטְּרוֹת הֵסִירוּ וַיַּשְׁלִיכוּ לְנַחַל קִדְרוֹן׃ וַיִּשְׁחֲטוּ הַפֶּסַח
בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר לַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי וְהַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם נִכְלְמוּ

צו קומען אין הויז פון גאָט אין ירושָׁלַיִם צו מאַכן דעם קָרבּן־פֶּסַח צו יהוה דעם גאָט פון ישׂראל. 2 און דער מלך און זיינע האַרן און די גאַנצע עדה אין ירושָׁלַיִם האָבן זיך באַקלערט צו מאַכן דעם קָרבּן־פֶּסַח אין צווייטן חודש. 3 וואָרום זיי האָבן אים ניט געקענט מאַכן אין יענער צייט[א], ווייל ניט גענוג כֹּהנים האָבן זיך געהאַט געהייליקט, און דאָס פאָלק איז ניט געווען אײַנגעזאַמלט אין ירושָׁלַיִם. 4 און די זאַך איז געווען גלייך אין די אויגן פון מלך, און אין די אויגן פון דער גאַנצער עדה. 5 און זיי האָבן באַשטימט די זאַך, אַרויסצולאָזן אַן אויסרוף אין גאַנץ ישׂראל, פון בּאֵר־שֶׁבַע און ביז דָן, צו קומען מאַכן קָרבּן־פֶּסַח צו יהוה דעם גאָט פון ישׂראל אין ירושָׁלַיִם; וואָרום מע האָט אים שוין פון לאַנג ניט געהאַט געמאַכט אַזוי ווי עס שטייט געשריבן.

6 און די לויפערס זיינען געגאַנגען מיט בריוו פון דער האַנט פון מלך און זיינע האַרן, דורך גאַנץ ישׂראל און יהודה, און לויט דעם באַפעל פון דעם מלך, אַזוי צו זאָגן: קינדער פון ישׂראל, קערט אײַך אום צו יהוה דעם גאָט פון אַברהם, יצחק, און ישׂראל, כּדי ער זאָל זיך אומקערן צו די אַנטרונענע וואָס זיינען אײַך געבליבן פון דער האַנט פון די מלכים פון אַשור. 7 און איר זאָלט ניט זיין אַזוי ווי אײַערע פאָטערס, און אַזוי ווי אײַערע ברידער, וואָס האָבן געפעלשט אָן יהוה דעם גאָט פון זייערע עלטערן, און ער האָט זיי געמאַכט פאַר אַ בייזוואונדער, אַזוי ווי איר זעט. 8 אַצונד, זאָלט איר ניט האַרט מאַכן אײַער נאַקן אַזוי ווי אײַערע עלטערן; גיט די האַנט צו גאָט, און קומט אין זיין הייליקטום וואָס ער האָט געהייליקט אויף אייביק, און דינט יהוה אײַער גאָט, כּדי זיין גרימצאָרן זאָל זיך אָפּקערן פון אײַך. 9 וואָרום אַז איר וועט זיך אומקערן צו גאָט, וועלן אײַערע ברידער און אײַערע זין קריגן דערבאַרימונג בײַ זייערע פאַנגערס, און זיך אומקערן צו דעמדאָזיקן לאַנד, וואָרום דערבאַרימדיק און לייטזעליק איז יהוה אײַער גאָט, און ער וועט ניט אָפּקערן דעם פּנים פון אײַך, אַז איר וועט זיך אומקערן צו אים.

10 און די לויפערס זיינען געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט דורך לאַנד אפרים און מנשה, און ביז זבולון; אָבער מע האָט געלאַכט פון זיי און געשפּעט פון זיי. 11 נאָר טייל פון אָשר און מנשה און זבולון זיינען געוואָרן אונטערטעניק, און זיינען געקומען קיין ירושָׁלַיִם. 12 אויך אין יהודה איז געווען די האַנט פון גאָט זיי צו געבן איין האַרץ צו טאָן דעם באַפעל פון דעם מלך און די האַרן, לויט דעם וואָרט פון גאָט.

13 און עס האָבן זיך אויפגעקליבן אין ירושָׁלַיִם אַ סך פאָלק צו מאַכן דעם יָום־טוב פון מצות אין צווייטן חודש—זייער אַ גרויסע אײַנזאַמלונג. 14 און זיי זיינען אויפגעשטאַנען און האָבן אָפּגעטאָן די מזבחות וואָס אין ירושָׁלַיִם, און אַלע רייכערערטער האָבן זיי אָפּגעטאָן, און אַרײַנגעוואָרפן אין טייך קִדרון. 15 און זיי האָבן געשאָכטן דעם קָרבּן־פֶּסַח אין פערצנטן טאָג פון צווייטן חודש; און די כֹּהנים און די לוִיִם האָבן זיך געשעמט, און זיי האָבן זיך

[א] ד. ה. אין ערשטן חודש.

געהייליקט, און געבראַכט בראַנדאָפּפער אין הויז פון גאָט. [16] און זיי זיינען געשטאַנען אויף זייער אָרט, אַזוי ווי זייער דין, לויט דער תּורה פון משה דעם געטלעכן מאַן; די כּהנים האָבן געשפּרענגט דאָס בלוט פון דער האַנט פון די לוִיִים. [17] וואָרום אַ סך זיינען געווען אין דער איינ־זאַמלונג וואָס האָבן זיך ניט געהייליקט; דרום זיינען די לוִיִים געווען איבער דער שעכטונג פון דעם קרבן־פּסח פאַר איטלעכן וואָס איז ניט ריין, כּדי צו הייליקן צו גאָט. [18] ווייל דאָס רוב פון דעם פאָלק, צומיינסט פון אפרים און מנשה, יִשָׂשׂכָר און זבולון, האָבן זיך ניט געריייניקט; נאָר זיי האָבן געגעסן דעם קרבן־פּסח ניט ווי עס שטייט געשריבן, ווייל יחזקיָהו האָט מתפּלל געווען אויף זיי, אַזוי צו זאָגן: גאָט דער גוטער זאָל מכפּר זיין אויף [19] איטלעכן וואָס האָט געקערט זיין האַרץ צו זוכן גאָט יהוה, דעם גאָט פון זיינע עלטערן, הגם ניט לויט דער ריינקייט וואָס מע דאַרף ביי הייליקייט. [20] און גאָט האָט צוגעהערט יחזקיָהון, און ער האָט פאַרשוינט דאָס פאָלק.

[21] און די קינדער פון ישראל וואָס האָבן זיך געפונען אין ירושלַיִם, האָבן געמאַכט דעם יום־טוב פון מצות זיבן טעג מיט גרויס שׂמחה; און די לוִיִים און די כּהנים האָבן געלויבט גאָט טאָג אין טאָג, מיט שטאַרקע כּלי־זֶמר צו גאָט. [22] און יחזקיָהו האָט גערעדט צום האַרצן פון די לוִיִים וואָס זיינען געווען ווילפאַרשטאַנדיק וועגן גאָט. און זיי האָבן געגעסן די זיבן טעג פון יום־טוב, שלאַכטנ־דיק שלאַכטאָפּפער, און דאַנקענדיק יהוה דעם גאָט פון זייערע עלטערן.

[23] און די גאַנצע איינזאַמלונג האָט זיך באַקלערט צו מאַכן נאָך אַנדערע זיבן טעג; און זיי האָבן געמאַכט זיבן טעג אַ שׂמחה. [24] וואָרום דער מלך חזקיָהו האָט מנדב געווען פאַר דער איינזאַמלונג טויזנט אָקסן און זיבן טויזנט שאָף, און די האַרן האָבן מנדב געווען פאַר דער איינזאַמלונג טויזנט אָקסן און צען טויזנט שאָף, און פיל כּהנים האָבן זיך געהייליקט. [25] און די גאַנצע איינזאַמלונג פון יהודה, און די כּהנים און די לוִיִם, און די גאַנצע איינזאַמ־לונג וואָס איז געקומען פון ישראל, און די פרעמדע וואָס זיינען געקומען פון לאַנד ישראל, אָדער וואָס זיינען גע־זעסן אין יהודה, האָבן זיך געפרייט. [26] און עס איז געווען אַ גרויסע שׂמחה אין ירושלַיִם, וואָרום פון די טעג פון שלמה דעם זון פון דודן, דעם מלך פון ישראל, איז אַזוי־וואָס ניט געווען אין ירושלַיִם. [27] און די כּהנים און די לוִיִים זיינען אויפגעשטאַנען און האָבן געבענטשט דאָס פאָלק, און זייער קָול איז צוגעהערט געוואָרן, און זייער תּפילה איז געקומען צו זיין הייליקער וווינונג, אין הימל.

## לא

[1] און אַז מע האָט דאָס אַלץ געענדיקט, זיינען אַרויסגעגאַנגען אַלע ישראל וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען, צו די

טז וַיִּתְקַדְּשׁוּ וַיָּבִיאוּ עֹלוֹת בֵּית יְהוָה׃ וַיַּעַמְדוּ עַל־עָמְדָם
כְּמִשְׁפָּטָם כְּתוֹרַת מֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים הַכֹּהֲנִים זֹרְקִים
יז אֶת־הַדָּם מִיַּד הַלְוִיִּם׃ כִּי־רַבַּת בַּקָּהָל אֲשֶׁר לֹא־הִתְקַדָּשׁוּ
וְהַלְוִיִּם עַל־שְׁחִיטַת הַפְּסָחִים לְכֹל לֹא טָהוֹר לְהַקְדִּישׁ
יח לַיהוָה׃ כִּי מַרְבִּית הָעָם רַבַּת מֵאֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה יִשָּׂשכָר
וּזְבֻלוּן לֹא הִטֶּהָרוּ כִּי־אָכְלוּ אֶת־הַפֶּסַח בְּלֹא כַכָּתוּב כִּי
הִתְפַּלֵּל יְחִזְקִיָּהוּ עֲלֵיהֶם לֵאמֹר יְהוָה הַטּוֹב יְכַפֵּר בְּעַד׃
יט כָּל־לְבָבוֹ הֵכִין לִדְרוֹשׁ הָאֱלֹהִים ׀ יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבוֹתָיו
כ וְלֹא כְּטָהֳרַת הַקֹּדֶשׁ׃ וַיִּשְׁמַע יְהוָה אֶל־יְחִזְקִיָּהוּ וַיִּרְפָּא
כא אֶת־הָעָם׃ וַיַּעֲשׂוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל הַנִּמְצְאִים בִּירוּשָׁלִַם
אֶת־חַג הַמַּצּוֹת שִׁבְעַת יָמִים בְּשִׂמְחָה גְדוֹלָה וּמְהַלְלִים
לַיהוָה יוֹם ׀ בְּיוֹם הַלְוִיִּם וְהַכֹּהֲנִים בִּכְלֵי־עֹז לַיהוָה׃
כב וַיְדַבֵּר יְחִזְקִיָּהוּ עַל־לֵב כָּל־הַלְוִיִּם הַמַּשְׂכִּילִים שֵׂכֶל־טוֹב
לַיהוָה וַיֹּאכְלוּ אֶת־הַמּוֹעֵד שִׁבְעַת הַיָּמִים מְזַבְּחִים זִבְחֵי
כג שְׁלָמִים וּמִתְוַדִּים לַיהוָה אֱלֹהֵי אֲבוֹתֵיהֶם׃ וַיִּוָּעֲצוּ כָּל־
הַקָּהָל לַעֲשׂוֹת שִׁבְעַת יָמִים אֲחֵרִים וַיַּעֲשׂוּ שִׁבְעַת יָמִים
כד שִׂמְחָה׃ כִּי חִזְקִיָּהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה הֵרִים לַקָּהָל אֶלֶף
פָּרִים וְשִׁבְעַת אֲלָפִים צֹאן וְהַשָּׂרִים הֵרִימוּ לַקָּהָל פָּרִים
כה אֶלֶף וְצֹאן עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים וַיִּתְקַדְּשׁוּ כֹהֲנִים לָרֹב׃ וַיִּשְׂמְחוּ ׀
כָּל־קְהַל יְהוּדָה וְהַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם וְכָל־הַקָּהָל הַבָּאִים
מִיִּשְׂרָאֵל וְהַגֵּרִים הַבָּאִים מֵאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְהַיּוֹשְׁבִים
כו בִּיהוּדָה׃ וַתְּהִי שִׂמְחָה־גְדוֹלָה בִּירוּשָׁלִָם כִּי מִימֵי שְׁלֹמֹה
כז בֶן־דָּוִיד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל לֹא כָזֹאת בִּירוּשָׁלִָם׃ וַיָּקֻמוּ
הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם וַיְבָרְכוּ אֶת־הָעָם וַיִּשָּׁמַע בְּקוֹלָם וַתָּבוֹא
תְפִלָּתָם לִמְעוֹן קָדְשׁוֹ לַשָּׁמָיִם׃

## לא

א וּכְכַלּוֹת כָּל־זֹאת יָצְאוּ כָּל־יִשְׂרָאֵל הַנִּמְצְאִים לְעָרֵי יְהוּדָה

ל, יח׳ ס״א רבת

וַיְשַׁבְּרוּ הַמַּצֵּבוֹת וַיְגַדְּעוּ הָאֲשֵׁרִים וַיְנַתְּצוּ אֶת־הַבָּמוֹת
וְאֶת־הַמִּזְבְּחֹת מִכָּל־יְהוּדָה וּבִנְיָמִן וּבְאֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה
עַד־לְכַלֵּה וַיָּשׁוּבוּ כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ לַאֲחֻזָּתוֹ לְעָרֵיהֶם׃
ב וַיַּעֲמֵד יְחִזְקִיָּהוּ אֶת־מַחְלְקוֹת הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם עַל־
מַחְלְקוֹתָם אִישׁ ׀ כְּפִי עֲבֹדָתוֹ לַכֹּהֲנִים וְלַלְוִיִּם לְעֹלָה
וְלִשְׁלָמִים לְשָׁרֵת וּלְהֹדוֹת וּלְהַלֵּל בְּשַׁעֲרֵי מַחֲנוֹת יְהוָה׃
ג וּמְנָת הַמֶּלֶךְ מִן־רְכוּשׁוֹ לָעֹלוֹת לְעֹלוֹת הַבֹּקֶר וְהָעֶרֶב
וְהָעֹלוֹת לַשַּׁבָּתוֹת וְלֶחֳדָשִׁים וְלַמֹּעֲדִים כַּכָּתוּב בְּתוֹרַת
ד יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר לָעָם לְיוֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלַםִ לָתֵת מְנָת הַכֹּהֲנִים
ה וְהַלְוִיִּם לְמַעַן יֶחֶזְקוּ בְּתוֹרַת יְהוָה׃ וְכִפְרֹץ הַדָּבָר הִרְבּוּ
בְנֵי־יִשְׂרָאֵל רֵאשִׁית דָּגָן תִּירוֹשׁ וְיִצְהָר וּדְבַשׁ וְכֹל תְּבוּאַת
ו שָׂדֶה וּמַעְשַׂר הַכֹּל לָרֹב הֵבִיאוּ׃ וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה
הַיּוֹשְׁבִים בְּעָרֵי יְהוּדָה גַּם־הֵם מַעְשַׂר בָּקָר וָצֹאן וּמַעְשַׂר
קֳדָשִׁים הַמְקֻדָּשִׁים לַיהוָה אֱלֹהֵיהֶם הֵבִיאוּ וַיִּתְּנוּ עֲרֵמוֹת
ז עֲרֵמוֹת׃ בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִשִׁי הֵחֵלּוּ הָעֲרֵמוֹת לִיסּוֹד
ח וּבַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי כִּלּוּ׃ וַיָּבֹאוּ יְחִזְקִיָּהוּ וְהַשָּׂרִים וַיִּרְאוּ
אֶת־הָעֲרֵמוֹת וַיְבָרְכוּ אֶת־יְהוָה וְאֵת עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל׃
ט וַיִּדְרֹשׁ יְחִזְקִיָּהוּ עַל־הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם עַל־הָעֲרֵמוֹת׃
י וַיֹּאמֶר אֵלָיו עֲזַרְיָהוּ הַכֹּהֵן הָרֹאשׁ לְבֵית צָדוֹק וַיֹּאמֶר
מֵהָחֵל הַתְּרוּמָה לָבִיא בֵית־יְהוָה אָכוֹל וְשָׂבוֹעַ וְהוֹתֵר
עַד־לָרוֹב כִּי יְהוָה בֵּרַךְ אֶת־עַמּוֹ וְהַנּוֹתָר אֶת־הֶהָמוֹן
יא הַזֶּה׃ וַיֹּאמֶר יְחִזְקִיָּהוּ לְהָכִין לְשָׁכוֹת בְּבֵית יְהוָה
יב וַיָּכִינוּ׃ וַיָּבִיאוּ אֶת־הַתְּרוּמָה וְהַמַּעֲשֵׂר וְהַקֳּדָשִׁים בֶּאֱמוּנָה
וַעֲלֵיהֶם נָגִיד כָּונַנְיָהוּ הַלֵּוִי וְשִׁמְעִי אָחִיהוּ מִשְׁנֶה׃
יג וִיחִיאֵל וַעֲזַזְיָהוּ וְנַחַת וַעֲשָׂהאֵל וִירִימוֹת וְיוֹזָבָד וֶאֱלִיאֵל
וְיִסְמַכְיָהוּ וּמַחַת וּבְנָיָהוּ פְּקִידִים מִיַּד כָּונַנְיָהוּ וְשִׁמְעִי
אָחִיו בְּמִפְקַד יְחִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ וַעֲזַרְיָהוּ נְגִיד בֵּית־

ז׳ הס׳ בדגש ובס״א לִיסּוֹד    יב׳ יג׳ יתיר ו וס״א כָּ

שטעט פון יהודה, און זיי האָבן צעבראָכן די זײַלשטיינער, און אָפּגעהאַקט די געצנבײמער, און אײַנגעוואָרפן די בָּמות און די מזבחות, פון גאַנץ יהודה און בנימין, און אין אפרים און מנשה, ביז צום פאַרלענדן. און אַלע קינדער פון ישׂראל האָבן זיך אומגעקערט איטלעכער צו זײַן אײגנטום אין זייערע שטעט.

[2] און יחִזקִיָהו האָט באַשטימט די אָפּטײלונגען פון די כּהנים און די לוִיִים לויט זייערע אָפּטײלונגען, איטלעכן ווי נאָך זײַן דינסט, סײ די כּהנים סײ די לוִיִים, פאַר בראַנדאָפּפער, און פאַר פרידאָפּפער, אויף צו דינען, און צו דאַנקען און לויבן אין די טויערן פון גאָטס לאַגערן; [3] און דעם מלכס צושטײער פון זײַן פאַרמעג פאַר די בראַנדאָפּפער – פאַר די בראַנדאָפּפער פון אין דער פרי און פון אָוונט, און די בראַנדאָפּפער פון די שבתים, און פון ראָש־חודש, און פון די יָום־טובים, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דער תּורה פון גאָט. [4] און ער האָט אָנגע־זאָגט דעם פאָלק, די באַוווינער פון ירושָלַיִם, צו געבן דעם טײל פון די כּהנים און די לוִיִים, כּדי זיי זאָלן זיך האַלטן אָן דער תּורה פון גאָט. [5] און ווי דאָס וואָרט איז פאַר־שפּרייט געוואָרן, אַזוי האָבן די קינדער פון ישׂראל גע־בראַכט פיל ערשטע פון תּבואה, ווײַן, און אײל, און האָניק, און אַלערלײ אײַנקום פון פעלד, און מעשׂר פון אַלצדינג האָבן זיי געבראַכט לרוב. [6] און די קינדער פון ישׂראל און יהודה וואָס זײַנען געזעסן אין די שטעט פון יהודה, זיי אויך האָבן געבראַכט מעשׂר פון רינדער און שאָף, און מעשׂר פון די הײליקע גאָבן וואָס זײַנען געהײליקט גע־וואָרן צו יהוה זייער גאָט; און זיי האָבן אָנגעלײגט הויפנס־הויפנסווײַז. [7] אין דריטן חודש האָט מען אָנגעהויבן לײגן דעם גרונט פון די הויפנס, און אין זיבעטן חודש האָט מען געענדיקט. [8] זײַנען געקומען יחִזקִיָהו און די האַרן, און זיי האָבן באַקוקט די הויפנס, און האָבן געבענטשט גאָט און זײַן פאָלק ישׂראל. [9] און יחִזקִיָהו האָט געפרעגט די כּהנים און די לוִיִים וועגן די הויפנס. [10] האָט אים געענטפערט עֲזַריָהו דער כּהן־גָדול פון דעם הויז פון צָדוק, און האָט געזאָגט: זינט מע האָט אָנגעהויבן ברענגען די אָפּשײדונג אין הויז פון גאָט, האָבן מיר געגעסן צו זאַט, און נאָך איבערגעלאָזט פיל; וואָרום גאָט האָט געבענטשט זײַן פאָלק; און וואָס איז איבערגעבליבן איז די דאָזיקע הורבע.

[11] האָט יחִזקִיָהו געהייסן צוגרייטן קאַמערן אין גאָטס הויז, און מע האָט צוגעגרייט. [12] און מע האָט ערלעך אַרײַנגעבראַכט די אָפּשײדונג, און דעם מעשׂר, און די הײליקע גאָבן; און דער אָנפירער איבער זיי איז געווען כָּנַניָהו דער לֵוִי, און זײַן ברודער שִמעִי, דער צווייטער. [13] און יחיאֵל, און עֲזַזיָהו, און נַחַת, און עֲשָׂהאֵל, און ירימוֹת, און יוֹזָבָד, און אֱליאֵל, און יִסמַכיָהו, און מַחַת, און בנָיָהו, זײַנען געווען אויפזעערס אונטער דער האַנט פון כָּנַניָהון און זײַן ברודער שִמעִין, לויט דעם באַפעל פון דעם מלך יחִזקִיָהו און עֲזַריָהו דעם פירשט פון גאָטס הויז.

14 און קורא דער זון פון יִמְנָה, דער לֵוִי, דער טויערמאַן
אין מִזרח, איז געווען איבער די נדבות צו גאָט, אויף
פאַנאַנדערצוטיילן די אָפּשיידונג פון גאָט און די גאָר
הייליקע גאָבן. 15 און אונטער אים איז געווען עֵדֶן, און
מִנְיָמִין, און יֵשוּעַ, און שְמַעְיָהוּ, אֲמַרְיָהוּ, און שְכַנְיָהוּ, אין
די שטעט פון די כֹּהנים, כּדי ערלעך צו געבן צו זייערע
ברידער לויט די אָפּטיילונגען, אַזוי דעם גרויסן אַזוי דעם
קליינעם.— 16 אַחוץ צו די וואָס זיינען געווען פאַרצייכנט
פון מאַנספּאַרשוינען, פון דריי יאָר אַלט און העכער, אַלע
וואָס קומען אין הויז פון גאָט לויט דעם טאָגטעגלעכן באַ־
דאַרף צו זייער דינסט אויף זייערע וואַכן לויט זייערע
אָפּטיילונגען. 17 און די פאַרצייכעניש פון די כֹּהנים לויט
זייערע פאָטערהייזער, און פון די לְוִיִים, פון צוואַנציק
יאָר אַלט און העכער, איז געווען לויט זייערע וואַכן אין
זייערע אָפּטיילונגען - 18 און צו די וואָס זיינען געווען פאַר־
צייכנט פון אַלע זייערע קליינע קינדער, זייערע ווייבער,
און זייערע זין, און זייערע טעכטער — צו דער גאַנצער
עדה; וואָרום אין זייער ערלעכקייט האָבן זיי זיך גע־
הייליקט צום הייליקן דינסט. 19 און פאַר די קינדער פון
אַהרן, די כֹּהנים, אין די אָפענע פעלדער פון זייערע
שטעט, זיינען געווען אין איטלעכער שטאָט מענטשן וואָס
זיינען געווען אָנגערופן מיט די נעמען, צו געבן חלקים צו
אַלע מאַנספּאַרשוינען צווישן די כֹּהנים, און צו אַלע וואָס
זיינען געווען פאַרצייכנט צווישן די לְוִיִים.

יד הָאֱלֹהִים׃ וְקוֹרֵא בֶן־יִמְנָה הַלֵּוִי הַשּׁוֹעֵר לַמִּזְרָחָה עַל
נִדְבוֹת הָאֱלֹהִים לָתֵת תְּרוּמַת יְהוָה וְקָדְשֵׁי הַקֳּדָשִׁים׃
טו וְעַל־יָדוֹ עֵדֶן וּמִנְיָמִן וְיֵשׁוּעַ וּשְׁמַעְיָהוּ אֲמַרְיָהוּ וּשְׁכַנְיָהוּ
בְּעָרֵי הַכֹּהֲנִים בֶּאֱמוּנָה לָתֵת לַאֲחֵיהֶם בְּמַחְלְקוֹת כַּגָּדוֹל
טז כַּקָּטָן׃ מִלְּבַד הִתְיַחְשָׂם לִזְכָרִים מִבֶּן שָׁלוֹשׁ שָׁנִים
וּלְמַעְלָה לְכָל־הַבָּא לְבֵית־יְהוָה לִדְבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ
יז לַעֲבוֹדָתָם בְּמִשְׁמְרוֹתָם כְּמַחְלְקוֹתֵיהֶם׃ וְאֵת הִתְיַחֵשׂ
הַכֹּהֲנִים לְבֵית אֲבוֹתֵיהֶם וְהַלְוִיִּם מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה
יח וּלְמָעְלָה בְּמִשְׁמְרוֹתֵיהֶם בְּמַחְלְקוֹתֵיהֶם׃ וּלְהִתְיַחֵשׂ בְּכָל־
טַפָּם נְשֵׁיהֶם וּבְנֵיהֶם וּבְנוֹתֵיהֶם לְכָל־קָהָל כִּי בֶאֱמוּנָתָם
יט יִתְקַדְּשׁוּ־קֹדֶשׁ׃ וְלִבְנֵי אַהֲרֹן הַכֹּהֲנִים בִּשְׂדֵי מִגְרַשׁ
עָרֵיהֶם בְּכָל־עִיר וָעִיר אֲנָשִׁים אֲשֶׁר נִקְּבוּ בְּשֵׁמוֹת לָתֵת
כ מָנוֹת לְכָל־זָכָר בַּכֹּהֲנִים וּלְכָל־הִתְיַחֵשׂ בַּלְוִיִּם׃ וַיַּעַשׂ
כָּזֹאת יְחִזְקִיָּהוּ בְּכָל־יְהוּדָה וַיַּעַשׂ הַטּוֹב וְהַיָּשָׁר וְהָאֱמֶת
כא לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהָיו׃ וּבְכָל־מַעֲשֶׂה אֲשֶׁר־הֵחֵל ׀ בַּעֲבוֹדַת
בֵּית־הָאֱלֹהִים וּבַתּוֹרָה וּבַמִּצְוָה לִדְרֹשׁ לֵאלֹהָיו בְּכָל־
לְבָבוֹ עָשָׂה וְהִצְלִיחַ׃

לב

א אַחֲרֵי הַדְּבָרִים וְהָאֱמֶת הָאֵלֶּה בָּא סַנְחֵרִיב מֶלֶךְ־אַשּׁוּר
וַיָּבֹא בִיהוּדָה וַיִּחַן עַל־הֶעָרִים הַבְּצֻרוֹת וַיֹּאמֶר לְבִקְעָם
ב אֵלָיו׃ וַיַּרְא יְחִזְקִיָּהוּ כִּי־בָא סַנְחֵרִיב וּפָנָיו לַמִּלְחָמָה
ג עַל־יְרוּשָׁלִָם׃ וַיִּוָּעַץ עִם־שָׂרָיו וְגִבֹּרָיו לִסְתּוֹם אֶת־מֵימֵי
ד הָעֲיָנוֹת אֲשֶׁר מִחוּץ לָעִיר וַיַּעְזְרוּהוּ׃ וַיִּקָּבְצוּ עַם־רָב
וַיִּסְתְּמוּ אֶת־כָּל־הַמַּעְיָנוֹת וְאֶת־הַנַּחַל הַשּׁוֹטֵף בְּתוֹךְ־הָאָרֶץ
ה לֵאמֹר לָמָּה יָבוֹאוּ מַלְכֵי אַשּׁוּר וּמָצְאוּ מַיִם רַבִּים׃ וַיִּתְחַזַּק
וַיִּבֶן אֶת־כָּל־הַחוֹמָה הַפְּרוּצָה וַיַּעַל עַל־הַמִּגְדָּלוֹת וְלַחוּצָה
הַחוֹמָה אַחֶרֶת וַיְחַזֵּק אֶת־הַמִּלּוֹא עִיר דָּוִיד וַיַּעַשׂ שֶׁלַח
ו לָרֹב וּמָגִנִּים׃ וַיִּתֵּן שָׂרֵי מִלְחָמוֹת עַל־הָעָם וַיִּקְבְּצֵם אֵלָיו

לא, כא׳ בס״א לדרש ׳הי׳ו ׳גו

20 און אַזוי האָט יְחִזְקִיָהוּ געטאָן אין גאַנץ יהודה. און
ער האָט געטאָן וואָס איז גוט און רעכטפאַרטיק און וואָרהאַפטיק פאַר יהוה זיין גאָט. 21 און אין איטלעכער זאַך וואָס
ער האָט אָנגעהויבן אין דעם דינסט פון גאָטס הויז, און אין דער תּורה און אין דעם געבאָט, כּדי צו זוכן זיין גאָט,
האָט ער מיט זיין גאַנצן האַרצן געאַרבעט, און האָט באַגליקט.

לב 1 נאָך דידאָזיקע געשעענישן און טריישאַפט, איז געקומען סַנחֵריב דער מלך פון אַשור, און ער איז אַריין
אין יהודה, און האָט געלעגערט אויף די באַפעסטיקטע שטעט, און ער האָט זיי געוואָלט איינבּרעכן פאַר
זיך. 2 און ווי יְחִזקִיָהוּ האָט געזען אַז סַנחֵריב איז געקומען, און זיין פּנים איז אויף מלחמה אַקעגן ירושָלַיִם, 3 האָט
ער אַן עצה געהאַלטן מיט זיינע האַרן און זיינע גיבּורים וועגן פאַרשטאָפּן די וואַסערן פון די קוואַלן וואָס אויסן
שטאָט; און זיי האָבן אים געהאָלפן. 4 און עס האָבן זיך איינגעזאַמלט פיל פאָלק, און זיי האָבן פאַרשטאָפּט אַלע
קוואַלן, און דעם טייך וואָס פליסט דורכן מיטן לאַנד, אַזוי צו זאָגן: נאַכסאַל זאָלן די מלכים פון אַשור קומען און
געפינען אַ סך וואַסער? 5 און ער האָט זיך געשטאַרקט, און האָט פאַרבויט די גאַנצע איינגעבראָכענע מויער, און
זי אַרויפגעבראַכט ביז די טורעמס, און נאָך אַן אַנדער מויער דערויסן; און ער האָט באַפעסטיקט מִלוא אין דוִדס־שטאָט,
און ער האָט געמאַכט וואָפן לרוב און שילדן. 6 און ער האָט געמאַכט הויפּטלייט פון מלחמה איבערן פאָלק, און האָט זיי

אֶל־רְחוֹב שַׁעַר הָעִיר וַיְדַבֵּר עַל־לְבָבָם לֵאמֹֽר׃ חִזְקוּ ז
וְאִמְצוּ אַל־תִּֽירְאוּ וְאַל־תֵּחַתּוּ מִפְּנֵי מֶלֶךְ אַשּׁוּר וּמִלִּפְנֵי
כָּל־הֶהָמוֹן אֲשֶׁר־עִמּוֹ כִּֽי־עִמָּנוּ רַב מֵעִמּֽוֹ׃ עִמּוֹ זְרוֹעַ בָּשָׂר ח
וְעִמָּנוּ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ לְעָזְרֵנוּ וּלְהִלָּחֵם מִלְחֲמֹתֵנוּ וַיִּסָּמְכוּ
הָעָם עַל־דִּבְרֵי יְחִזְקִיָּהוּ מֶֽלֶךְ־יְהוּדָֽה׃ אַחַר זֶה ט
שָׁלַח סַנְחֵרִיב מֶֽלֶךְ־אַשּׁוּר עֲבָדָיו יְרוּשָׁלַיְמָה וְהוּא עַל־
לָכִישׁ וְכָל־מֶמְשַׁלְתּוֹ עִמּוֹ עַל־יְחִזְקִיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה וְעַל־
כָּל־יְהוּדָה אֲשֶׁר בִּירוּשָׁלַםִ לֵאמֹֽר׃ כֹּה אָמַר סַנְחֵרִיב י
מֶלֶךְ אַשּׁוּר עַל־מָה אַתֶּם בֹּטְחִים וְיֹשְׁבִים בְּמָצוֹר בִּירוּשָׁלָֽםִ׃
הֲלֹא יְחִזְקִיָּהוּ מַסִּית אֶתְכֶם לָתֵת אֶתְכֶם לָמוּת בְּרָעָב יא
וּבְצָמָא לֵאמֹר יְהוָה אֱלֹהֵינוּ יַצִּילֵנוּ מִכַּף מֶלֶךְ אַשּֽׁוּר׃
הֲלֹא־הוּא יְחִזְקִיָּהוּ הֵסִיר אֶת־בָּמֹתָיו וְאֶת־מִזְבְּחֹתָיו יב
וַיֹּאמֶר לִֽיהוּדָה וְלִירוּשָׁלַםִ לֵאמֹר לִפְנֵי מִזְבֵּחַ אֶחָד
תִּֽשְׁתַּחֲווּ וְעָלָיו תַּקְטִֽירוּ׃ הֲלֹא תֵֽדְעוּ מֶה עָשִׂיתִי אֲנִי יג
וַאֲבוֹתַי לְכֹל עַמֵּי הָאֲרָצוֹת הֲיָכוֹל יָֽכְלוּ אֱלֹהֵי גּוֹיֵ הָאֲרָצוֹת
לְהַצִּיל אֶת־אַרְצָם מִיָּדִֽי׃ מִי בְּכָל־אֱלֹהֵי הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה יד
אֲשֶׁר הֶחֱרִימוּ אֲבוֹתַי אֲשֶׁר יָכוֹל לְהַצִּיל אֶת־עַמּוֹ מִיָּדִי
כִּי יוּכַל אֱלֹהֵיכֶם לְהַצִּיל אֶתְכֶם מִיָּדִֽי׃ וְעַתָּה אַל־יַשִּׁיא טו
אֶתְכֶם חִזְקִיָּהוּ וְאַל־יַסִּית אֶתְכֶם כָּזֹאת וְאַל־תַּאֲמִינוּ לוֹ
כִּי־לֹא יוּכַל כָּל־אֱלוֹהַּ כָּל־גּוֹי וּמַמְלָכָה לְהַצִּיל עַמּוֹ מִיָּדִי
וּמִיַּד אֲבוֹתָי אַף כִּי אֱלֹהֵיכֶם לֹֽא־יַצִּילוּ אֶתְכֶם מִיָּדִֽי׃ וְעוֹד טז
דִּבְּרוּ עֲבָדָיו עַל־יְהוָה הָאֱלֹהִים וְעַל יְחִזְקִיָּהוּ עַבְדּֽוֹ׃
וּסְפָרִים כָּתַב לְחָרֵף לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וְלֵאמֹר עָלָיו יז
לֵאמֹר כֵּאלֹהֵי גּוֹיֵ הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר לֹא־הִצִּילוּ עַמָּם מִיָּדִי
כֵּן לֹֽא־יַצִּיל אֱלֹהֵי יְחִזְקִיָּהוּ עַמּוֹ מִיָּדִֽי׃ וַיִּקְרְאוּ בְקוֹל־גָּדוֹל יח
יְהוּדִית עַל־עַם יְרוּשָׁלַםִ אֲשֶׁר עַל־הַחוֹמָה לְיָרְאָם וּֽלְבַהֲלָם
לְמַעַן יִלְכְּדוּ אֶת־הָעִֽיר׃ וַֽיְדַבְּרוּ אֶל־אֱלֹהֵי יְרוּשָׁלָםִ כְּעַל יט
אֱלֹהֵי עַמֵּי הָאָרֶץ מַעֲשֵׂה יְדֵי הָאָדָֽם׃ וַיִּתְפַּלֵּל כ

טו׳ ס״א יציל

אײַנגעזאַמלט צו זיך אויפן ברייטן פּלאַץ בײַם שטאָט־טויער, און ער האָט גערעדט צו זייער האַרצן, אַזוי צו זאָגן: 7 זייט שטאַרק און פעסט; איר זאָלט ניט מורא האָבן און ניט אַנגסטן פאַר דעם מלך פון אַשור, און פאַר דעם גאַנצן המון וואָס מיט אים, וואָרום מיט אונדז איז אַ גרעסערער ווי מיט אים. 8 מיט אים איז אַן אָרעם פון פלייש, און מיט אונדז איז יהוה אונדזער גאָט, אונדז צו העלפן און צו פירן אונדזערע מלחמות. און דאָס פאָלק האָט זיך פאַרלאָזט אויף די ווערטער פון יחזקיהו דעם מלך פון יהודה.

9 נאָכדעם האָט סנחריב דער מלך פון אַשור געשיקט זיינע קנעכט קיין ירושלים — און ער איז געווען ביי לכיש, און זיין גאַנצע ממשלה מיט אים — צו יחזקיהו דעם מלך פון יהודה, און צו גאַנץ יהודה וואָס אין ירושלים, אַזוי צו זאָגן: 10 אַזוי האָט געזאָגט סנחריב דער מלך פון אַשור: אויף וואָס פאַרזיכערט איר אייך, און זיצט אין באַלעגערונג אין ירושלים? 11 פאַרוואָר, יחזקיהו רעדט אייך איין, כדי אייך צו לאָזן שטאַרבן פון הונגער און פון דאָרשט; אַזוי צו זאָגן: יהוה אונדזער גאָט וועט אונדז מציל זיין פון דער האַנט פון דעם מלך פון אַשור. 12 איז דאָס ניט דער יחזקיהו וואָס האָט אָפּגעטאָן זיינע במות און זיינע מזבחות, און האָט געזאָגט צו יהודה און צו ירושלים, אַזוי צו זאָגן: פאַר איין מזבח זאָלט איר זיך בוקן, און אויף אים זאָלט איר רייכערן? 13 ווייסט איר דען ניט וואָס איך און מיינע עלטערן האָבן געטאָן צו אַלע אומות פון די לענדער? האָבן די געטער פון די פעלקער פון די לענדער געקענט מציל זיין זייער לאַנד פון מיין האַנט? 14 ווער איז צווישן אַלע געטער פון דידאָזיקע פעלקער וואָס מיינע עלטערן האָבן פאַרוויסט, וואָס האָט געקענט מציל זיין זיין פאָלק פון מיין האַנט, אַז אייער גאָט זאָל אייך קענען מציל זיין פון מיין האַנט? 15 און אַצונד, זאָל אייך חזקיהו ניט נאַרן, און זאָל ער אייך ניט איינרעדן אַזוי־וואָס, און איר זאָלט אים ניט גלויבן, וואָרום קיין גאָט פון קיין פאָלק אָדער קיניגרייך האָט ניט געקענט מציל זיין זיין פאָלק פון מיין האַנט, און פון דער האַנט פון מיינע עלטערן, וועט אייער גאָט אייך געוויס ניט מציל זיין פון מיין האַנט.

16 און זיינע קנעכט האָבן נאָך מער גערעדט אויף גאָט דעם האַר, און אויף יחזקיהו זיין קנעכט. 17 און אַ בריוו האָט ער געשריבן צו לעסטערן יהוה דעם גאָט פון ישראל, און צו רעדן קעגן אים, אַזוי צו זאָגן: אַזוי ווי די געטער פון די אומות פון די לענדער, וואָס האָבן ניט מציל געווען זייער פאָלק פון מיין האַנט, אַזוי וועט דער גאָט פון יחזקיהו ניט מציל זיין זיין פאָלק פון מיין האַנט. 18 און זיי האָבן אויסגערופן אויף אַ הויכן קול, אויף יהודיש, צו דעם פאָלק פון ירושלים וואָס אויף דער מויער, זיי איבערצושרעקן און זיי צו צעטומלען, כדי זיי זאָלן קענען באַצווינגען די שטאָט. 19 און זיי האָבן גערעדט וועגן דעם גאָט פון ירושלים אַזוי ווי וועגן די געטער פון די פעלקער פון דער ערד, געמאַכט פון מענטשנס הענט.

[20] האָט דער מלך יחִזקִיָהו, און ישַעיָהו הנביא דער זון פון אָמוצן, מתפלל געווען וועגן דעם, און זיי האָבן געשריען צום הימל. [21] און גאָט האָט געשיקט אַ מלאך, און ער האָט פאַרטיליקט יעטוועדער העלדישן גיבור און אָנפירער און הויפּטמאַן אין לאַגער פון דעם מלך פון אַשור; און ער האָט זיך אומגעקערט מיט שאַנד אין פּנים צו זיין לאַנד. און ווי ער איז אַריינגעגאַנגען אין הויז פון זיין גאָט, האָבן די וואָס זיינען אַרויס פון זיינע אינגעווייד, אים דאָרטן געמאַכט פאַלן מיטן שווערד.

[22] אַזוי האָט גאָט געהאָלפן יחִזקִיָהון און די באַוווינער פון ירושָלַיִם פון דער האַנט פון סַנחֵריב דעם מלך פון אַשור, און פון דער האַנט פון אַלעמען; און ער איז זיי ביישטאַנען רונד אַרום. [23] און פיל האָבן געבראַכט געשאַנקען צו גאָט קיין ירושָלַיִם, און טייערע מתנות צו יחִזקִיָהו דעם מלך פון יהודה, און ער איז דערהייכט געוואָרן אין די אויגן פון אַלע פעלקער נאָך דעם.

[24] אין יענע טעג איז יחִזקִיָהו קראַנק געוואָרן ביז צום שטאַרבן, און ער האָט מתפלל געווען צו גאָט, און גאָט האָט אים געענטפערט, און האָט אים געגעבן אַ צייכן. [25] אָבער יחִזקִיָהו האָט ניט אומגעקערט אַזוי ווי אים איז געטאָן געוואָרן, וואָרום זיין האַרץ האָט זיך דערהויבן, און עס איז געווען אַ צאָרן אויף אים און אויף יהודה און ירושָלַיִם. [26] האָט יחִזקִיָהו זיך אונטערטעניקט פון דער האָפערדיקייט פון זיין האַרצן, ער און די באַוווינער פון ירושָלַיִם, און דער צאָרן פון גאָט איז ניט געקומען אויף זיי אין די טעג פון יחִזקִיָהון.

[27] און יחִזקִיָהו האָט געהאַט עושר און כבוד זייער פיל, און האָט זיך געמאַכט שאַצקאַמערן פאַר זילבער און פאַר גאָלד, און פאַר טייערע שטיינער, און פאַר בשׂמים, און פאַר שילדן, און פאַר אַלערליי גלוסטיקע זאַכן; [28] און שפּייכלערס פאַר דעם אַיינקום פון תבואה, און ווין, און אייל; און שטאַלן פאַר אַלערליי בהמות, און סטאַדעס אין געהעפטן. [29] און ער האָט זיך אַיינגעשאַפט שטעט, און פי פון שאָף און רינדער לרוב; וואָרום גאָט האָט אים געשאָנקען זייער אַ גרויס פאַרמעג. [30] און דער אייגענער יחִזקִיָהו האָט פאַרשטאָפּט דעם אויבערשטן אויסגאַנג פון די וואַסערן פון גיחון, און האָט זיי געמאַכט גיין גלייך אַראָפּ צו מערב פון דודס־שטאָט. און יחִזקִיָהו האָט באַגליקט אין זיין יעטוועדער טואונג. [31] אָבער ביי די שלוחים פון די האַרן[א] פון בָבל וואָס האָבן געשיקט צו אים נאָכצופרעגן וועגן דעם וווּנדערצייכן וואָס איז געשען אין לאַנד, האָט אים גאָט פאַרלאָזן, אים צו פּרוּוון, כדי צו וויסן אַלץ וואָס ביי אים אין האַרצן.

[32] און די איבעריקע זאַכן וועגן יחִזקִיָהון, און זיינע חסָדים, זיי זיינען באַשריבן אין דער זעאונג פון ישַעיָהו הנביא דעם זון פון אָמוצן אין בוך פון די מלכים פון יהודה און ישׂראל. [33] און יחִזקִיָהו האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און מע האָט אים באַגראָבן אויף דעם אַרויפגאַנג פון די קברים פון די קינדער פון דוד; און גאַנץ יהודה און די באַוווינער פון ירושָלַיִם האָבן אים אָנגעטאָן כבוד ביי זיין טויט. און זיין זון מנשה איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

[א] זע מלכים ב׳ כ, 13 און ווייטער.

יְחִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ וִישַׁעְיָהוּ בֶן־אָמוֹץ הַנָּבִיא עַל־זֹאת וַיִּזְעֲקוּ
כא הַשָּׁמָיִם׃ וַיִּשְׁלַח יְהוָה מַלְאָךְ וַיַּכְחֵד כָּל־גִּבּוֹר חַיִל
וְנָגִיד וְשָׂר בְּמַחֲנֵה מֶלֶךְ אַשּׁוּר וַיָּשָׁב בְּבֹשֶׁת פָּנִים לְאַרְצוֹ
וַיָּבֹא בֵּית אֱלֹהָיו וּמִיצִיאֵו מֵעָיו שָׁם הִפִּילֻהוּ בֶחָרֶב׃
כב וַיּוֹשַׁע יְהוָה אֶת־יְחִזְקִיָּהוּ וְאֵת ׀ יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלַ͏ִם מִיַּד
כג סַנְחֵרִיב מֶלֶךְ־אַשּׁוּר וּמִיַּד־כֹּל וַיְנַהֲלֵם מִסָּבִיב׃ וְרַבִּים
מְבִיאִים מִנְחָה לַיהוָה לִירוּשָׁלַ͏ִם וּמִגְדָּנוֹת לִיחִזְקִיָּהוּ מֶלֶךְ
כד יְהוּדָה וַיִּנַּשֵּׂא לְעֵינֵי כָל־הַגּוֹיִם מֵאַחֲרֵי־כֵן׃ בַּיָּמִים
הָהֵם חָלָה יְחִזְקִיָּהוּ עַד־לָמוּת וַיִּתְפַּלֵּל אֶל־יְהוָה וַיֹּאמֶר
כה לוֹ וּמוֹפֵת נָתַן לוֹ׃ וְלֹא־כִגְמֻל עָלָיו הֵשִׁיב יְחִזְקִיָּהוּ כִּי
כו גָבַהּ לִבּוֹ וַיְהִי עָלָיו קֶצֶף וְעַל־יְהוּדָה וִירוּשָׁלָ͏ִם׃ וַיִּכָּנַע
יְחִזְקִיָּהוּ בְּגֹבַהּ לִבּוֹ הוּא וְיוֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלָ͏ִם וְלֹא־בָא עֲלֵיהֶם
כז קֶצֶף יְהוָה בִּימֵי יְחִזְקִיָּהוּ׃ וַיְהִי לִיחִזְקִיָּהוּ עֹשֶׁר וְכָבוֹד
הַרְבֵּה מְאֹד וְאֹצָרוֹת עָשָׂה־לוֹ לְכֶסֶף וּלְזָהָב וּלְאֶבֶן יְקָרָה
כח וְלִבְשָׂמִים וּלְמָגִנִּים וּלְכֹל כְּלֵי חֶמְדָּה׃ וּמִסְכְּנוֹת לִתְבוּאַת
דָּגָן וְתִירוֹשׁ וְיִצְהָר וְאֻרָוֹת לְכָל־בְּהֵמָה וּבְהֵמָה וַעֲדָרִים
כט לָאֲוֵרוֹת׃ וְעָרִים עָשָׂה לוֹ וּמִקְנֵה־צֹאן וּבָקָר לָרֹב כִּי נָתַן
ל לוֹ אֱלֹהִים רְכוּשׁ רַב מְאֹד׃ וְהוּא יְחִזְקִיָּהוּ סָתַם אֶת־
מוֹצָא מֵימֵי גִיחוֹן הָעֶלְיוֹן וַיַּישְּׁרֵם לְמַטָּה מַּעְרָבָה לְעִיר
לא דָּוִיד וַיַּצְלַח יְחִזְקִיָּהוּ בְּכָל־מַעֲשֵׂהוּ׃ וְכֵן בִּמְלִיצֵי ׀ שָׂרֵי
בָּבֶל הַמְשַׁלְּחִים עָלָיו לִדְרֹשׁ הַמּוֹפֵת אֲשֶׁר הָיָה בָאָרֶץ
לב עֲזָבוֹ הָאֱלֹהִים לְנַסּוֹתוֹ לָדַעַת כָּל־בִּלְבָבוֹ׃ וְיֶתֶר
דִּבְרֵי יְחִזְקִיָּהוּ וַחֲסָדָיו הִנָּם כְּתוּבִים בַּחֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ בֶן־
לג אָמוֹץ הַנָּבִיא עַל־סֵפֶר מַלְכֵי יְהוּדָה וְיִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁכַּב
יְחִזְקִיָּהוּ עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקְבְּרֻהוּ בְּמַעֲלֵה קִבְרֵי בְנֵי־דָוִיד וְכָבוֹד
עָשׂוּ־לוֹ בְמוֹתוֹ כָּל־יְהוּדָה וְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלָ͏ִם וַיִּמְלֹךְ מְנַשֶּׁה
בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃

כא׳ ומציאו קי   כג׳ ס״א וַיִּנָּשֵׂא   ל׳ וַיְּשְׁרֵם קרי

לג

א בֶּן־שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה שָׁנָה מְנַשֶּׁה בְמָלְכוֹ וַחֲמִשִּׁים וְחָמֵשׁ
ב שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם׃ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה כְּתוֹעֲבוֹת
ג הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הוֹרִישׁ יְהוָה מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיָּשָׁב וַיִּבֶן
אֶת־הַבָּמוֹת אֲשֶׁר נִתַּץ יְחִזְקִיָּהוּ אָבִיו וַיָּקֶם מִזְבְּחוֹת
לַבְּעָלִים וַיַּעַשׂ אֲשֵׁרוֹת וַיִּשְׁתַּחוּ לְכָל־צְבָא הַשָּׁמַיִם וַיַּעֲבֹד
ד אֹתָם׃ וּבָנָה מִזְבְּחוֹת בְּבֵית יְהוָה אֲשֶׁר אָמַר יְהוָה בִּירוּשָׁלִַם
ה יִהְיֶה־שְּׁמִי לְעוֹלָם׃ וַיִּבֶן מִזְבְּחוֹת לְכָל־צְבָא הַשָּׁמָיִם בִּשְׁתֵּי
ו חַצְרוֹת בֵּית־יְהוָה׃ וְהוּא הֶעֱבִיר אֶת־בָּנָיו בָּאֵשׁ בְּגֵי בֶן
הִנֹּם וְעוֹנֵן וְנִחֵשׁ וְכִשֵּׁף וְעָשָׂה אוֹב וְיִדְּעוֹנִי הִרְבָּה לַעֲשׂוֹת
ז הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה לְהַכְעִיסוֹ׃ וַיָּשֶׂם אֶת־פֶּסֶל הַסֶּמֶל אֲשֶׁר
עָשָׂה בְּבֵית הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר אָמַר אֱלֹהִים אֶל־דָּוִיד וְאֶל־
שְׁלֹמֹה בְנוֹ בַּבַּיִת הַזֶּה וּבִירוּשָׁלִַם אֲשֶׁר בָּחַרְתִּי מִכֹּל
ח שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אָשִׂים אֶת־שְׁמִי לְעֵילוֹם׃ וְלֹא אוֹסִיף
לְהָסִיר אֶת־רֶגֶל יִשְׂרָאֵל מֵעַל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר הֶעֱמַדְתִּי
לַאֲבֹתֵיכֶם רַק ׀ אִם־יִשְׁמְרוּ לַעֲשׂוֹת אֵת כָּל־אֲשֶׁר צִוִּיתִים
ט לְכָל־הַתּוֹרָה וְהַחֻקִּים וְהַמִּשְׁפָּטִים בְּיַד־מֹשֶׁה׃ וַיֶּתַע מְנַשֶּׁה
אֶת־יְהוּדָה וְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִָם לַעֲשׂוֹת רָע מִן־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר
י הִשְׁמִיד יְהוָה מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־
יא מְנַשֶּׁה וְאֶל־עַמּוֹ וְלֹא הִקְשִׁיבוּ׃ וַיָּבֵא יְהוָה עֲלֵיהֶם אֶת־
שָׂרֵי הַצָּבָא אֲשֶׁר לְמֶלֶךְ אַשּׁוּר וַיִּלְכְּדוּ אֶת־מְנַשֶּׁה בַּחֹחִים
יב וַיַּאַסְרֻהוּ בַּנְחֻשְׁתַּיִם וַיּוֹלִיכֻהוּ בָּבֶלָה׃ וּכְהָצֵר לוֹ חִלָּה
אֶת־פְּנֵי יְהוָה אֱלֹהָיו וַיִּכָּנַע מְאֹד מִלִּפְנֵי אֱלֹהֵי אֲבֹתָיו׃
יג וַיִּתְפַּלֵּל אֵלָיו וַיֵּעָתֶר לוֹ וַיִּשְׁמַע תְּחִנָּתוֹ וַיְשִׁיבֵהוּ יְרוּשָׁלִַם
יד לְמַלְכוּתוֹ וַיֵּדַע מְנַשֶּׁה כִּי יְהוָה הוּא הָאֱלֹהִים׃ וְאַחֲרֵי־
כֵן בָּנָה חוֹמָה חִיצוֹנָה ׀ לְעִיר־דָּוִיד מַעְרָבָה לְגִיחוֹן
בַּנַּחַל וְלָבוֹא בְשַׁעַר הַדָּגִים וְסָבַב לָעֹפֶל וַיַּגְבִּיהֶהָ מְאֹד
טו וַיָּשֶׂם שָׂרֵי־חַיִל בְּכָל־הֶעָרִים הַבְּצֻרוֹת בִּיהוּדָה׃ וַיָּסַר

ג׳ מזבחות ׳לים ויעש ׳רות    יג׳ ס״א אליו

לג 1 צוועלף יאָר איז מנשה אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און פינף און צוואַנציק יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם.

2 און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, אַזוי ווי די אומווערדיקייטן פון די פעלקער וואָס גאָט האָט פאַרטריבן פון פאַר די קינדער פון ישׂראל. 3 און ער האָט ווידער אָפּגעבויט די בָמות וואָס זיין פאָטער יחִזקִיָהו האָט אַיינגעוואָרפן, און ער האָט אויפגעשטעלט מזבחות צו די בַעַל־געטער, און האָט געמאַכט געצן־ביימער, און זיך געבוקט צו דעם גאַנצן חיל פון הימל, און זיי געדינט. 4 און ער האָט געבויט מזבחות אין הויז פון גאָט, וואָס גאָט האָט געזאָגט: אין ירושָלַיִם זאָל זיין מיין נאָמען אויף אייביק. 5 און ער האָט געבויט מזבחות צו דעם גאַנצן חיל פון הימל אין ביידע הויפן פון גאָטס הויז. 6 און ער האָט געמאַכט דורכגיין זיינע זין דורכן פייערא אין דעם טאָל פון בֶן־הִנוֹם, און ער האָט געברויכט צייכנזעעריי, און געצויבערט, און געמאַכט כישוף, און ער האָט אַיינגעשאַפט די וואָס וואָרזאָגן מיט אַ גייסט אָדער אַ רוח. ער האָט געמערט צו טאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, אים צו דערצערענען. 7 און ער האָט אַריינגעשטעלט דעם געשניצטן געץ וואָס ער האָט געמאַכט, אין הויז פון גאָט, וואָס גאָט האָט געזאָגט צו דודן און צו זיין זון שלמהן: אין דעמדאָזיקן הויז, און אין ירושָלַיִם, וואָס איך האָב אויסדערוויילט פון אַלע שבטים פון ישׂראל, וועל איך טאָן מיין נאָמען אויף אייביק; 8 און איך וועל מער ניט אָפּטאָן דעם פוס פון ישׂראל פון דער ערד וואָס איך האָב באַשערט פאַר אַייערע עלטערן, אויב זיי וועלן נאָר היטן צו טאָן אַלץ וואָס איך האָב זיי באַפוילן, לויט דער גאַנצער תּורה און די חוקים און די געזעצן, דורך משהן. 9 און מנשה האָט פאַרפירט יהודה און די באַוווינער פון ירושָלַיִם צו טאָן מער שלעכטס פון די פעלקער וואָס גאָט האָט פאַרטיליקט פון פאַר די קינדער פון ישׂראל.

10 און גאָט האָט גערעדט צו מנשהן און צו זיין פאָלק, אָבער זיי האָבן ניט פאַרנומען. 11 און גאָט האָט אויף זיי געבראַכט די חיל־פירער פון דעם מלך פון אַשור, און זיי האָבן באַצוונגען מנשהן מיט רינגען, און האָבן אים געשמידט אין קופערנע קייטן, און אַוועקגעפירט קיין בָבל. 12 און אַז אים האָט צוגעדריקט, האָט ער געבעטן ביי יהוה זיין גאָט, און ער איז געוואָרן זייער אונטערטעניק פאַר דעם גאָט פון זיינע עלטערן. 13 און ער האָט מתפלל געווען צו אים; און ער האָט זיך געלאָזט דערבעטן פון אים, און האָט צוגעהערט זיין בקשה, און האָט אים אומ־קערט קיין ירושָלַיִם צו זיין מלוכה; און מנשה האָט געוווּסט אַז יהוה איז גאָט.

14 און נאָך דעם האָט ער געבויט אַן אויסנווייניקסטע מויער צו דודס־שטאָט, אין מערב פון גיחון, אין טאָל, און ביים אַיינגאַנג פון פישטויער; און ער האָט אַרומגערינגלט דעם עוֹפֶל, און האָט זי געמאַכט זייער הויך. און ער האָט אַריינגעזעצט חיל־פירער אין אַלע באַפעסטיקטע שטעט אין יהודה. 15 און ער האָט אָפּגעטאָן די פרעמדע

א ד. ה. פאַרברענען צום גאָט מולך.

געטער, און דעם געץ פון גאָטס הויז, און אַלע מזבחות וואָס ער האָט געבויט אויף דעם באַרג פון גאָטס הויז, און אין ירושָלַיִם; און ער האָט זיי אַרויסגעוואָרפן אויסן שטאָט. [16] און ער האָט אויפגעבויט דעם מזבח פון יהוה, און האָט געשלאַכט אויף אים שלאַכטאָפּפער און דאַנק־אָפּפער; און ער האָט אָנגעזאָגט יהודה צו דינען יהוה דעם גאָט פון ישׂראל. [17] פאַרוואָר, דאָס פאָלק האָט נאָך אַלץ געשלאַכט אויף די בָמות, אָבער נאָר צו יהוה זייער גאָט.

[18] און די איבעריקע זאַכן וועגן מנשהן, און זיין תּפילה צו זיין גאָט, און די ווערטער פון די זעערס וואָס האָבן צו אים גערעדט אין נאָמען פון יהוה דעם גאָט פון ישׂראל, זיי ויינען דאָ אין די געשעעניש פון די מלכים פון ישׂראל. [19] און זיין תּפילה, און ווי אַזוי [גאָט] האָט זיך געלאָזט דערבעטן פון אים, און זיין גאַנצע זינד און זיין פֿעלשונג, און די ערטער וואָס ער האָט אין זיי געבויט בָמות, און אויפגעשטעלט געצנביימער און געשניצטע ביל־דער, איידער ער איז געוואָרן אונטערטעניק, זיי זיינען באַשריבן אין די ווערטער פון די זעערס.

[20] און מנשה האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און מע האָט אים באַגראָבן אין זיין היים. און זיין זון אָמון איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

[21] צוויי און צוואַנציק יאָר איז אָמון אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און צוויי יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם.

[22] און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט אַזוי ווי זיין פאָטער מנשה האָט געטאָן; און צו אַלע געשניצטע בילדער וואָס זיין פאָטער מנשה האָט געמאַכט, האָט אָמון געשלאַכט, און זיי געדינט. [23] און ער איז ניט אונטערטעניק געוואָרן פאַר גאָט אַזוי ווי זיין פאָטער מנשה איז אונטערטעניק געוואָרן, נאָר ער, אָמון, האָט אַלץ מער זיך פאַרשולדיקט.

[24] און זיינע קנעכט האָבן געמאַכט אַ בונט אויף אים, און האָבן אים געטייט אין זיין הויז. [25] און דאָס פאָלק פון לאַנד האָט דערשלאָגן אַלע וואָס האָבן געמאַכט דעם בונט אויף דעם מלך אָמון. און דאָס פאָלק פון לאַנד האָט געמאַכט זיין זון יאשִיָהו פאַר אַ מלך אויף זיין אָרט.

אֶת־אֱלֹהֵי הַנֵּכָר וְאֶת־הַסֶּמֶל מִבֵּית יְהוָה וְכָל־הַמִּזְבְּחוֹת
אֲשֶׁר בָּנָה בְּהַר בֵּית־יְהוָה וּבִירוּשָׁלָ͏ִם וַיַּשְׁלֵךְ חוּצָה לָעִיר׃
טז וַיָּכֶן אֶת־מִזְבַּח יְהוָה וַיִּזְבַּח עָלָיו זִבְחֵי שְׁלָמִים וְתוֹדָה
יז וַיֹּאמֶר לִיהוּדָה לַעֲבוֹד אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ אֲבָל
יח עוֹד הָעָם זֹבְחִים בַּבָּמוֹת רַק לַיהוָה אֱלֹהֵיהֶם׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי
מְנַשֶּׁה וּתְפִלָּתוֹ אֶל־אֱלֹהָיו וְדִבְרֵי הַחֹזִים הַמְדַבְּרִים אֵלָיו
בְּשֵׁם יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הִנָּם עַל־דִּבְרֵי מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃
יט וּתְפִלָּתוֹ וְהֵעָתֶר־לוֹ וְכָל־חַטָּאתוֹ וּמַעְלוֹ וְהַמְּקֹמוֹת אֲשֶׁר
בָּנָה בָהֶם בָּמוֹת וְהֶעֱמִיד הָאֲשֵׁרִים וְהַפְּסִלִים לִפְנֵי
כ הִכָּנְעוֹ הִנָּם כְּתוּבִים עַל דִּבְרֵי חוֹזָי׃ וַיִּשְׁכַּב מְנַשֶּׁה עִם־
כא אֲבֹתָיו וַיִּקְבְּרֻהוּ בֵּיתוֹ וַיִּמְלֹךְ אָמוֹן בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃ בֶּן־
עֶשְׂרִים וּשְׁתַּיִם שָׁנָה אָמוֹן בְּמָלְכוֹ וּשְׁתַּיִם שָׁנִים מָלַךְ
כב בִּירוּשָׁלָ͏ִם׃ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה כַּאֲשֶׁר עָשָׂה מְנַשֶּׁה
אָבִיו וּלְכָל־הַפְּסִילִים אֲשֶׁר עָשָׂה מְנַשֶּׁה אָבִיו זִבַּח אָמוֹן
כג וַיַּעַבְדֵם׃ וְלֹא נִכְנַע מִלִּפְנֵי יְהוָה כְּהִכָּנַע מְנַשֶּׁה אָבִיו
כד כִּי הוּא אָמוֹן הִרְבָּה אַשְׁמָה׃ וַיִּקְשְׁרוּ עָלָיו עֲבָדָיו
כה וַיְמִיתֻהוּ בְּבֵיתוֹ׃ וַיַּכּוּ עַם־הָאָרֶץ אֵת כָּל־הַקֹּשְׁרִים עַל־
הַמֶּלֶךְ אָמוֹן וַיַּמְלִיכוּ עַם־הָאָרֶץ אֶת־יֹאשִׁיָּהוּ בְנוֹ תַּחְתָּיו׃

לד

א בֶּן־שְׁמוֹנֶה שָׁנִים יֹאשִׁיָּהוּ בְמָלְכוֹ וּשְׁלֹשִׁים וְאַחַת שָׁנָה
ב מָלַךְ בִּירוּשָׁלָ͏ִם׃ וַיַּעַשׂ הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה וַיֵּלֶךְ בְּדַרְכֵי
ג דָּוִיד אָבִיו וְלֹא־סָר יָמִין וּשְׂמֹאול׃ וּבִשְׁמוֹנֶה שָׁנִים
לְמָלְכוֹ וְהוּא עוֹדֶנּוּ נַעַר הֵחֵל לִדְרוֹשׁ לֵאלֹהֵי דָּוִיד אָבִיו
וּבִשְׁתֵּים עֶשְׂרֵה שָׁנָה הֵחֵל לְטַהֵר אֶת־יְהוּדָה וִירוּשָׁלַ͏ִם
ד מִן־הַבָּמוֹת וְהָאֲשֵׁרִים וְהַפְּסִלִים וְהַמַּסֵּכוֹת׃ וַיְנַתְּצוּ
לְפָנָיו אֵת מִזְבְּחוֹת הַבְּעָלִים וְהַחַמָּנִים אֲשֶׁר־לְמַעְלָה
מֵעֲלֵיהֶם גִּדֵּעַ וְהָאֲשֵׁרִים וְהַפְּסִלִים וְהַמַּסֵּכוֹת שִׁבַּר
ה וְהֵדַק וַיִּזְרֹק עַל־פְּנֵי הַקְּבָרִים הַזֹּבְחִים לָהֶם׃ וְעַצְמוֹת

---

לג, טז׳ ויבן קרי

## לד

[1] אַכט יאָר איז יאשִיָהו אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און איין און דרייסיק יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם.

[2] און ער האָט געטאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון גאָט, און איז געגאַנגען אין די וועגן פון זיין פאָטער דודן, און האָט זיך ניט אָפּגעקערט רעכטס אָדער לינקס. [3] און אין אַכטן יאָר פון זיין מלוכה, אַז ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל, האָט ער אָנגעהויבן זוכן דעם גאָט פון זיין פאָטער דודן; און אין צוועלפטן יאָר האָט ער אָנגעהויבן רייניקן יהודה און ירושָלַיִם פון די בָמות, און די געצנביימער, און די געשניצטע און די געגאָסענע בילדער. [4] און מע האָט איינגעוואָרפן פאַר אים די מזבחות פון די בַעל־געטער; און די זונזיילן וואָס אויבן איבער זיי האָט ער אָפּגעהאַקט; און די געשניצטע און די געגאָסענע בילדער האָט ער צעבראָכן און צעשטויסן, און פאַנאַנדער־געשאָטן אויף די קברים פון די וואָס האָבן געשלאַכט צו זיי. [5] און די ביינער פון די כֹהנים האָט ער פאַרברענט

כֹּֽהֲנִים שָׂרַף עַל־מִזְבְּחוֹתָם וַיְטַהֵר אֶת־יְהוּדָה וְאֶת־
ו יְרוּשָׁלָֽם׃ וּבְעָרֵי מְנַשֶּׁה וְאֶפְרַיִם וְשִׁמְעוֹן וְעַד־נַפְתָּלִי
ז בְּהַר בְּתֵיהֶם סָבִֽיב׃ וַיְנַתֵּץ אֶת־הַמִּזְבְּחוֹת וְאֶת־הָאֲשֵׁרִים
וְהַפְּסִלִים כִּתַּת לְהֵדַק וְכָל־הַחַמָּנִים גִּדַּע בְּכָל־אֶרֶץ
ח יִשְׂרָאֵל וַיָּשָׁב לִירוּשָׁלָֽם׃ וּבִשְׁנַת שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה
לְמָלְכוֹ לְטַהֵר הָאָרֶץ וְהַבָּיִת שָׁלַח אֶת־שָׁפָן בֶּן־
אֲצַלְיָהוּ וְאֶת־מַעֲשֵׂיָהוּ שַׂר־הָעִיר וְאֵת יוֹאָח בֶּן־יוֹאָחָז
ט הַמַּזְכִּיר לְחַזֵּק אֶת־בֵּית יְהוָה אֱלֹהָֽיו׃ וַיָּבֹאוּ אֶל־חִלְקִיָּהוּ ׀
הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל וַיִּתְּנוּ אֶת־הַכֶּסֶף הַמּוּבָא בֵית־אֱלֹהִים אֲשֶׁר
אָסְפוּ־הַלְוִיִּם שֹׁמְרֵי הַסַּף מִיַּד מְנַשֶּׁה וְאֶפְרַיִם וּמִכֹּל
שְׁאֵרִית יִשְׂרָאֵל וּמִכָּל־יְהוּדָה וּבִנְיָמִן וַיָּשֻׁבוּ יְרוּשָׁלָֽם׃
י וַיִּתְּנוּ עַל־יַד עֹשֵׂה הַמְּלָאכָה הַמֻּפְקָדִים בְּבֵית יְהוָה
וַיִּתְּנוּ אֹתוֹ עוֹשֵׂי הַמְּלָאכָה אֲשֶׁר עֹשִׂים בְּבֵית יְהוָה
יא לִבְדּוֹק וּלְחַזֵּק הַבָּֽיִת׃ וַיִּתְּנוּ לֶחָרָשִׁים וְלַבֹּנִים לִקְנוֹת
אַבְנֵי מַחְצֵב וְעֵצִים לַֽמְחַבְּרוֹת וּלְקָרוֹת אֶת־הַבָּתִּים אֲשֶׁר
יב הִשְׁחִיתוּ מַלְכֵי יְהוּדָֽה׃ וְהָאֲנָשִׁים עֹשִׂים בֶּאֱמוּנָה
בַּמְּלָאכָה וַעֲלֵיהֶם ׀ מֻפְקָדִים יַחַת וְעֹבַדְיָהוּ הַלְוִיִּם מִן־
בְּנֵי מְרָרִי וּזְכַרְיָה וּמְשֻׁלָּם מִן־בְּנֵי הַקְּהָתִים לְנַצֵּחַ
יג וְהַלְוִיִּם כָּל־מֵבִין בִּכְלֵי־שִֽׁיר׃ וְעַל הַסַּבָּלִים וּמְנַצְּחִים לְכֹל
עֹשֵׂה מְלָאכָה לַעֲבוֹדָה וַעֲבוֹדָה וּמֵהַלְוִיִּם סוֹפְרִים וְשֹׁטְרִים
יד וְשׁוֹעֲרִֽים׃ וּבְהוֹצִיאָם אֶת־הַכֶּסֶף הַמּוּבָא בֵּית יְהוָה מָצָא
טו חִלְקִיָּהוּ הַכֹּהֵן אֶת־סֵפֶר תּוֹרַת־יְהוָה בְּיַד־מֹשֶֽׁה׃ וַיַּעַן
חִלְקִיָּהוּ וַיֹּאמֶר אֶל־שָׁפָן הַסּוֹפֵר סֵפֶר הַתּוֹרָה מָצָאתִי
טז בְּבֵית יְהוָה וַיִּתֵּן חִלְקִיָּהוּ אֶת־הַסֵּפֶר אֶל־שָׁפָֽן׃ וַיָּבֵא
שָׁפָן אֶת־הַסֵּפֶר אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיָּשֶׁב עוֹד אֶת־הַמֶּלֶךְ דָּבָר
יז לֵאמֹר כֹּל אֲשֶׁר־נִתַּן בְּיַד־עֲבָדֶיךָ הֵם עֹשִֽׂים׃ וַיַּתִּיכוּ אֶת־
הַכֶּסֶף הַנִּמְצָא בְּבֵית־יְהוָה וַיִּתְּנוּהוּ עַל־יַד הַמֻּפְקָדִים

ה׳ יתיר י׳ ו׳ בחרבתיהם קרי ט׳ וישבו קרי

אויף זייערע מזבחות, און ער האָט געריייניקט יהודה און ירושלים. [6] און אַזוי אין די שטעט פון מנשה און אפרים און שמעון און ביז נפתלי, מיט זייערע אייגענע ברעכ־געצייג, רונד אַרום. [7] און ער האָט אַיינגעוואָרפן די מזבחות, און די געצנביימער, און די געשניצטע בילדער האָט ער צעהאַקט אויף דין, און אַלע זונזיילן האָט ער אָפּגעהאַקט אין גאַנצן לאַנד ישראל; און ער האָט זיך אומגעקערט קיין ירושלים.

[8] און אין אַכצנטן יאָר פון זיין מלוכה, נאָכן רייניקן דאָס לאַנד און דאָס הויז, האָט ער געשיקט שָפָן דעם זון פון אַצַלְיָהון, און מַעֲשֵׂיָהו דעם האַר פון דער שטאָט, און יוֹאָח דעם זון פון יוֹאָחָזן, דעם פאַרצייכענער, צו פאַרריכטן דאָס הויז פון יהוה זיין גאָט. [9] און זיי זיינען געקומען צו חִלְקִיָּהו דעם כּהן־גָדול, און האָבן אָפּגעגעבן דאָס געלט וואָס איז געבראַכט געוואָרן אין הויז פון גאָט, וואָס די לוִיִים, די שוועלהיטערס, האָבן אויפגעזאַמלט פון דער האַנט פון מנשה און אפרים, און פון גאַנצן איבערבלייב פון ישראל, און פון גאַנץ יהודה און בנימין, און זיך אומגעקערט קיין ירושלים. [10] און זיי האָבן עס געגעבן אויף דער האַנט פון די ווערקמייסטער וואָס זיינען געווען געשטעלט אין הויז פון גאָט; און די ווערקמייסטער וואָס האָבן געאַרבעט אין הויז פון גאָט, האָבן עס אויסגעגעבן אויף צורעכטצומאַכן און פאַרריכטן דאָס הויז פון גאָט, [11] און געגעבן צו די האָלצמייסטער, און צו די בוימייסטער, אויף צו קויפן געהאַקטע שטיינער, און האָלץ פאַר לייסטן, און אויף צו לייגן באַלקנס אויף די הייזער וואָס די מלכים פון יהודה האָבן געלאָזט צעשטערט ווערן.

[12] און די מענטשן האָבן ערליך געטאָן די אַרבעט; און איבער זיי זיינען געווען געשטעלט יַחַת, און עוֹבַדְיָהו, די לוִיִים, פון די קינדער פון מְרָרִי; און זְכַרְיָה, און מְשֻׁלָּם, פון די קינדער פון די קְהָתִים, אויף אויפצופּאַסן; און אַנדערע לוִיִים – איטלעכער וואָס האָט זיך פאַרשטאַנען אויף כּלֵי־זֶמֶר. [13] זיי זיינען אויך געווען איבער די לאַסט־טרעגער, און האָבן אויפגעפּאַסט אויף אַלע וואָס האָבן געטאָן אַרבעט אין אַלערליי מלאכות. און טייל פון די לוִיִים זיינען געווען שרייבערס, און אויפזעערס, און טויערלייט.

[14] און ווען זיי האָבן אַרויסגענומען דאָס געלט וואָס איז געבראַכט געוואָרן אין הויז פון גאָט, האָט חִלְקִיָּהו דער כּהן געפונען דאָס בוך פון גאָטס תּורה געגעבן דורך משהן. [15] האָט חִלְקִיָּהו זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט צו שָפָן דעם שרייבער: איך האָב געפונען דאָס בוך פון גאָטס תּורה אין הויז פון גאָט. און חִלְקִיָּהו האָט געגעבן דאָס בוך צו שָפָנען.

[16] האָט שָפָן געבראַכט דאָס בוך צום מלך, און ער האָט אויך געבראַכט דעם מלך אַן ענטפער, אַזוי צו זאָגן: אַלץ וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן אויף דער האַנט פון דיינע קנעכט, טוען זיי. [17] און זיי האָבן אויסגעשאָטן דאָס געלט וואָס האָט זיך געפונען אין הויז פון גאָט, און האָבן עס געגעבן אויף דער האַנט פון די געשטעלטע, און אויף דער האַנט פון די ווערקמייסטער.

[18] און שָׁפָן דער שרײַבער האָט דערצײלט דעם מלך, אַזוי צו זאָגן: אַ בוך האָט מיר געגעבן חִלְקִיָהו דער כהן. און שָׁפָן האָט דערפֿון געלײענט פֿאַר דעם מלך.
[19] און עס איז געווען, ווי דער מלך האָט געהערט די ווערטער פֿון דער תּורה, אַזוי האָט ער צעריסן זײַנע קלײדער.
[20] און דער מלך האָט באַפֿױלן חִלְקִיָהון, און אֲחִיקָם דעם זון פֿון שָׁפָנען, און עַבדוֹן דעם זון פֿון מִיכָהן, און שָׁפָן דעם שרײַבער, און עֲשָׂיָה דעם מלכס דינער, אַזוי צו זאָגן:
[21] גײט פֿרעגט בײַ גאָט פֿאַר מיר, און פֿאַר די וואָס זײַנען איבערגעבליבן אין ישׂראל און אין יהודה, וועגן די ווערטער פֿון דעם געפֿונענעם בוך, וואָרום גרויס איז דער גרימצאָרן פֿון גאָט וואָס איז אויסגעגאָסן אויף אונדז, פֿאַר וואָס אונדזערע עלטערן האָבן ניט געהיט דאָס וואָרט פֿון גאָט, צו טאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס שטײט געשריבן אין דעמדאָזיקן בוך.
[22] איז געגאַנגען חִלְקִיָהו, און די וואָס דער מלך [האָט געהײסן], צו חוּלדָה דער נביאה, דער ווײַב פֿון שַׁלוּם דעם זון פֿון תָּקְהַת, דעם זון פֿון חַסְרָהן, דעם קלײדער־היטער – און זי האָט געוווינט אין ירושָׁלַיִם, אין צווײטן שטאָטפּערטל – און זײ האָבן אַזוי גערעדט צו איר.
[23] האָט זי צו זײ געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל: זאָגט צו דעם מאַן וואָס האָט אײַך געשיקט צו מיר: [24] אַזוי האָט גאָט געזאָגט: זע, איך ברענג אַן אומגליק אויף דעמדאָזיקן אָרט און אויף זײַנע באַוווינער – אַלע קללות וואָס שטײען געשריבן אין דעם בוך וואָס מע האָט געלײענט פֿאַר דעם מלך פֿון יהודה. [25] דערפֿאַר וואָס זײ האָבן מיך פֿאַרלאָזן, און האָבן געריכערט צו פֿרעמדע געטער, כּדי מיך צו דערצערענען מיט אַלע מעשׂים פֿון זײערע הענט, און מײַן גרימצאָרן איז אויסגעגאָסן אויף דעמדאָזיקן אָרט, און ער וועט ניט פֿאַרלאָשן ווערן. [26] און צו דעם מלך פֿון יהודה וואָס שיקט אײַך צו פֿרעגן בײַ גאָט, צו אים זאָלט איר אַזוי זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל: וועגן די ווערטער וואָס דו האָסט געהערט, [27] איז, ווײַל דײַן האַרץ איז דערװײכט געוואָרן, און דו ביסט געוואָרן אונטערטעניק פֿאַר גאָט אַז דו האָסט געהערט זײַנע ווערטער וועגן דעמדאָזיקן אָרט און וועגן זײַנע באַוווינער – ווײַל דו ביסט געוואָרן אונטערטעניק פֿאַר מיר, און האָסט צעריסן דײַנע קלײדער, און האָסט געוויינט פֿאַר מיר, דרומעך האָב איך צוגעהערט, זאָגט גאָט. [28] זע, איך זאַמל דיך אײַן צו דײַנע עלטערן, און דו וועסט אײַנגעזאַמלט ווערן אין דײַן קבר בשלום, און דײַנע אויגן וועלן ניט זען אַלדאָס בײז וואָס איך ברענג אויף דעמדאָזיקן אָרט און אויף זײַנע באַוווינער.
און זײ האָבן געבראַכט צום מלך דעם ענטפֿער.
[29] און דער מלך האָט געשיקט, און האָט אײַנגעזאַמלט אַלע עלטסטע פֿון יהודה און ירושָׁלַיִם. [30] און דער מלך איז

יח וְעַל־יַד עוֹשֵׂי הַמְּלָאכָה׃ וַיַּגֵּד שָׁפָן הַסּוֹפֵר לַמֶּלֶךְ לֵאמֹר
סֵפֶר נָתַן לִי חִלְקִיָּהוּ הַכֹּהֵן וַיִּקְרָא־בוֹ שָׁפָן לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃
יט וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ הַמֶּלֶךְ אֵת דִּבְרֵי הַתּוֹרָה וַיִּקְרַע אֶת־בְּגָדָיו׃
כ וַיְצַו הַמֶּלֶךְ אֶת־חִלְקִיָּהוּ וְאֶת־אֲחִיקָם בֶּן־שָׁפָן וְאֶת־עַבְדּוֹן
בֶּן־מִיכָה וְאֵת ׀ שָׁפָן הַסּוֹפֵר וְאֵת עֲשָׂיָה עֶבֶד־הַמֶּלֶךְ לֵאמֹר׃
כא לְכוּ דִרְשׁוּ אֶת־יְהוָה בַּעֲדִי וּבְעַד הַנִּשְׁאָר בְּיִשְׂרָאֵל
וּבִיהוּדָה עַל־דִּבְרֵי הַסֵּפֶר אֲשֶׁר נִמְצָא כִּי־גְדוֹלָה חֲמַת־
יְהוָה אֲשֶׁר נִתְּכָה בָנוּ עַל אֲשֶׁר לֹא־שָׁמְרוּ אֲבוֹתֵינוּ אֶת־
כב דְּבַר יְהוָה לַעֲשׂוֹת כְּכָל־הַכָּתוּב עַל־הַסֵּפֶר הַזֶּה׃ וַיֵּלֶךְ
חִלְקִיָּהוּ וַאֲשֶׁר הַמֶּלֶךְ אֶל־חֻלְדָּה הַנְּבִיאָה אֵשֶׁת ׀ שַׁלֻּם
בֶּן־תּוֹקְהַת בֶּן־חַסְרָה שׁוֹמֵר הַבְּגָדִים וְהִיא יוֹשֶׁבֶת
כג בִּירוּשָׁלִַם בַּמִּשְׁנֶה וַיְדַבְּרוּ אֵלֶיהָ כָּזֹאת׃ וַתֹּאמֶר לָהֶם
כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אִמְרוּ לָאִישׁ אֲשֶׁר־שָׁלַח
כד אֶתְכֶם אֵלָי׃ כֹּה אָמַר יְהוָה הִנְנִי מֵבִיא רָעָה עַל־
הַמָּקוֹם הַזֶּה וְעַל־יוֹשְׁבָיו אֵת כָּל־הָאָלוֹת הַכְּתוּבוֹת עַל־
כה הַסֵּפֶר אֲשֶׁר קָרְאוּ לִפְנֵי מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ תַּחַת ׀ אֲשֶׁר עֲזָבוּנִי
וַיְקַטְּירוּ לֵאלֹהִים אֲחֵרִים לְמַעַן הַכְעִיסֵנִי בְּכֹל מַעֲשֵׂי
כו יְדֵיהֶם וְתִתַּךְ חֲמָתִי בַּמָּקוֹם הַזֶּה וְלֹא תִכְבֶּה׃ וְאֶל־מֶלֶךְ
יְהוּדָה הַשֹּׁלֵחַ אֶתְכֶם לִדְרוֹשׁ בַּיהוָה כֹּה תֹאמְרוּ אֵלָיו
כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הַדְּבָרִים אֲשֶׁר שָׁמָעְתָּ׃
כז יַעַן רַךְ־לְבָבְךָ וַתִּכָּנַע ׀ מִלִּפְנֵי אֱלֹהִים בְּשָׁמְעֲךָ אֶת־דְּבָרָיו
עַל־הַמָּקוֹם הַזֶּה וְעַל־יֹשְׁבָיו וַתִּכָּנַע לְפָנַי וַתִּקְרַע אֶת־
כח בְּגָדֶיךָ וַתֵּבְךְּ לְפָנָי וְגַם־אֲנִי שָׁמַעְתִּי נְאֻם־יְהוָה׃ הִנְנִי
אֹסִפְךָ אֶל־אֲבֹתֶיךָ וְנֶאֱסַפְתָּ אֶל־קִבְרוֹתֶיךָ בְּשָׁלוֹם וְלֹא־
תִרְאֶינָה עֵינֶיךָ בְּכֹל הָרָעָה אֲשֶׁר אֲנִי מֵבִיא עַל־הַמָּקוֹם
כט הַזֶּה וְעַל־יֹשְׁבָיו וַיָּשִׁיבוּ אֶת־הַמֶּלֶךְ דָּבָר׃ וַיִּשְׁלַח
ל הַמֶּלֶךְ וַיֶּאֱסֹף אֶת־כָּל־זִקְנֵי יְהוּדָה וִירוּשָׁלִָם׃ וַיַּעַל הַמֶּלֶךְ

כב׳ ס״א וְאֵשֶׁת ק׳   יחוד ו   כה׳ יחוד י

בֵּית־יְהוָה וְכָל־אִישׁ יְהוּדָה וְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלַ͏ִם וְהַכֹּהֲנִים
וְהַלְוִיִּם וְכָל־הָעָם מִגָּדוֹל וְעַד־קָטָן וַיִּקְרָא בְאָזְנֵיהֶם אֶת־
לא כָּל־דִּבְרֵי סֵפֶר הַבְּרִית הַנִּמְצָא בֵּית יְהוָה׃ וַיַּעֲמֹד הַמֶּלֶךְ
עַל־עָמְדוֹ וַיִּכְרֹת אֶת־הַבְּרִית לִפְנֵי יְהוָה לָלֶכֶת אַחֲרֵי
יְהוָה וְלִשְׁמוֹר אֶת־מִצְוֺתָיו וְעֵדְוֺתָיו וְחֻקָּיו בְּכָל־לְבָבוֹ וּבְכָל־
נַפְשׁוֹ לַעֲשׂוֹת אֶת־דִּבְרֵי הַבְּרִית הַכְּתוּבִים עַל־הַסֵּפֶר הַזֶּה׃
לב וַיַּעֲמֵד אֵת כָּל־הַנִּמְצָא בִירוּשָׁלַ͏ִם וּבִנְיָמִן וַיַּעֲשׂוּ יֹשְׁבֵי
לג יְרוּשָׁלַ͏ִם כִּבְרִית אֱלֹהִים אֱלֹהֵי אֲבוֹתֵיהֶם׃ וַיָּסַר יֹאשִׁיָּהוּ
אֶת־כָּל־הַתּוֹעֵבוֹת מִכָּל־הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲבֵד
אֵת כָּל־הַנִּמְצָא בְּיִשְׂרָאֵל לַעֲבוֹד אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם כָּל־
יָמָיו לֹא סָרוּ מֵאַחֲרֵי יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבוֹתֵיהֶם׃

לה

א וַיַּעַשׂ יֹאשִׁיָּהוּ בִירוּשָׁלַ͏ִם פֶּסַח לַיהוָה וַיִּשְׁחֲטוּ הַפֶּסַח
ב בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר לַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן׃ וַיַּעֲמֵד הַכֹּהֲנִים עַל־
ג מִשְׁמְרוֹתָם וַיְחַזְּקֵם לַעֲבוֹדַת בֵּית יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר לַלְוִיִּם
הַמְּבוּנִים לְכָל־יִשְׂרָאֵל הַקְּדוֹשִׁים לַיהוָה תְּנוּ אֶת־אֲרוֹן
הַקֹּדֶשׁ בַּבַּיִת אֲשֶׁר בָּנָה שְׁלֹמֹה בֶן־דָּוִיד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל
אֵין־לָכֶם מַשָּׂא בַּכָּתֵף עַתָּה עִבְדוּ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
ד וְאֵת עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל׃ וְהָכוֹנוּ לְבֵית־אֲבוֹתֵיכֶם כְּמַחְלְקוֹתֵיכֶם
ה בִּכְתָב דָּוִיד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וּבְמִכְתַּב שְׁלֹמֹה בְנוֹ׃ וְעִמְדוּ
בַקֹּדֶשׁ לִפְלֻגּוֹת בֵּית הָאָבוֹת לַאֲחֵיכֶם בְּנֵי הָעָם וַחֲלֻקַּת בֵּית־
ו אָב לַלְוִיִּם׃ וְשַׁחֲטוּ הַפָּסַח וְהִתְקַדְּשׁוּ וְהָכִינוּ לַאֲחֵיכֶם
ז לַעֲשׂוֹת כִּדְבַר־יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה׃ וַיָּרֶם יֹאשִׁיָּהוּ לִבְנֵי
הָעָם צֹאן כְּבָשִׂים וּבְנֵי־עִזִּים הַכֹּל לַפְּסָחִים לְכָל־הַנִּמְצָא
לְמִסְפַּר שְׁלֹשִׁים אֶלֶף וּבָקָר שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים אֵלֶּה מֵרְכוּשׁ
ח הַמֶּלֶךְ׃ וְשָׂרָיו לִנְדָבָה לָעָם לַכֹּהֲנִים וְלַלְוִיִּם הֵרִימוּ
חִלְקִיָּה וּזְכַרְיָהוּ וִיחִיאֵל נְגִידֵי בֵּית הָאֱלֹהִים לַכֹּהֲנִים

לה, ג׳ המבונים קרי ד׳ והכונו קרי ס״א בְּ׳ ה׳ ס״א לִפְלֻגַּת

אַרויפגעגאַנגען אין הויז פון גאָט, מיט אַלע מענער פון יהודה און באַווינער פון ירושלַיִם, און די כּהנים און די לוִיִים, און דעם גאַנצן פֿאָלק פון קלענסטן ביזן גרעסטן. און ער האָט געלייענט אין זייערע אויערן אַלע ווערטער פון דעם בוך פון בונד וואָס איז געפונען געוואָרן אין הויז פון גאָט. 31 און דער מלך האָט זיך געשטעלט אויף זיין אָרט, און ער האָט געשלאָסן אַ בונד פאַר גאָט, צו גיין נאָך גאָט, און צו היטן זיינע געבאָט און זיינע אָנזאָגן און זיינע געזעצן, מיט זיין גאַנצן האַרצן און מיט זיין גאַנצער זעל, צו טאָן די ווערטער פון דעם בונד וואָס שטייען געשריבן אין דעמדאָזיקן בוך. 32 און ער האָט געמאַכט צושטיין אַלע וואָס האָבן זיך געפונען אין ירושלַיִם און בנימין; און די באַווינער פון ירושלַיִם האָבן געטאָן אַזוי ווי דער בונד פון גאָט, דעם גאָט פון זייערע עלטערן. 33 און יאשִיָהו האָט אָפּגעטאָן אַלע אומווערדיקייטן פון אַלע לענדער פון די קינדער פון ישׂראל; און ער האָט געמאַכט דינען אַלע וואָס האָבן זיך געפונען אין ישׂראל, דינען יהוה זייער גאָט. אַלע זיינע טעג האָבן זיי זיך ניט אָפּגעקערט פון הינטער יהוה דעם גאָט פון זייערע עלטערן.

## לה

1 און יאשִיָהו האָט געמאַכט אין ירושלַיִם קָרבּן פֶּסַח צו גאָט; און מע האָט געשאָכטן דעם קָרבּן פֶּסַח אין פערצנטן טאָג פון ערשטן חוֹדש. 2 און ער האָט געשטעלט די כּהנים אויף זייערע וואַכן, און האָט זיי גע־שטאַרקט צו דעם דינסט פון גאָטס הויז. 3 און ער האָט געזאָגט צו די לוִיִים וואָס האָבן געלערנט גאַנץ ישׂראל, די וואָס זיינען געווען הייליק צו גאָט: שטעלט אַריין דעם הייליקן אָרון אין דעם הויז וואָס שלמה דער זון פון דוִדן, דער מלך פון ישׂראל, האָט געבויט; איר דאַרפט מער ניט טראָגן אויפן אַקסל; אַצונד דינט יהוה אייער גאָט און זיין פֿאָלק ישׂראל. 4 און בּרייט אייך אָן נאָך אַייערע פּאָטערהייזער לויט אַייערע אַיינטיילונגען אין דעם געשריפטס פון דוד דעם מלך פון ישׂראל, און אין דעם גע־שריפטס פון זיין זון שלמהן. 5 און שטייט אין הייליקטום לויט די אָפּטיילונגען פון די פּאָטערהייזער פון אַייערע ברידער, די קינדער פון פֿאָלק, און [פאַר איטלעכער אָפּטיילונג] אַ טייל פון אַ פּאָטערהויז פון די לוִיִים. 6 און שעכט דעם קָרבּן־פֶּסַח, און האַלט אייך הייליק, און גרייט צו פאַר אַייערע ברידער, כּדי צו טאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט דורך משהן.

7 און יאשִיָהו האָט אָפּגעשיידט פאַר די קינדער פון פֿאָלק שאָף: שעפּסן און יונגע ציגן – אַלץ פאַרן קָרבּן־פֶּסַח פאַר אַלע וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען – דרייסיק טויזנט אין צאָל, און רינדער דריי טויזנט. דידאָזיקע זיינען געווען פון דעם מלכס פאַרמעג. 8 און זיינע האַרן האָבן אָפּגעשיידט אַ נדבה פאַר דעם פֿאָלק, פאַר די כּהנים, און פאַר די לוִיִים. חִלקִיָהו, און זכַריָהו, און יחיאֵל, די פירשטן פון גאָטס הויז, האָבן געגעבן די כּהנים פאַרן קָרבּן

פֶּסַח צוויי טויזנט און זעקס הונדערט [שאָף], און רינדער דריי הונדערט. [9] און כָּנַנְיָהוּ, און שְׁמַעְיָהוּ, און נְתַנְאֵל, זיינע ברידער, און חֲשַׁבְיָהוּ, און יְעִיאֵל, און יוֹזָבָד, די האַרן פון די לוִיִים, האָבן אָפּגעשיידט פאַר די לוִיִים פאַרן קָרבּן־פֶּסַח פינף טויזנט [שאָף], און רינדער פינף הונדערט.

[10] אַזוי איז צוגעגרייט געוואָרן דער דינסט, און די כֹּהנים האָבן זיך געשטעלט אויף זייער אָרט, און די לוִיִים אויף זייערע אָפּטיילונגען, לויט דעם באַפעל פון מלך. [11] און זיי האָבן געשאָכטן דעם קָרבּן־פֶּסַח, און די כֹּהנים האָבן געשפּרענגט דאָס בלוט פון זייער האַנט; און די לוִיִים האָבן אָפּגעשונדן. [12] און זיי האָבן אַוועקגענומען די טיילן וואָס דאַרפן אויפגעבראַכט ווערן, כדי זיי צו געבן צו די אָפּטיילונגען פון די פאָטערהייזער פון די קינדער פון פאָלק אויף מקריב צו זיין צו גאָט, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דעם בוך פון משהן; און דעסגלייכן מיט די רינדער. [13] און זיי האָבן געבראָטן דעם קָרבּן־פֶּסַח אויפן פייער, אַזוי ווי דער דין; און די געהייליקטע קרבּנות האָבן זיי געקאָכט אין טעפּ, און אין קעסלען, און אין פאַנען, און פאַנאַנדערגעטראָגן אויף גיך צו אַלע קינדער פון פאָלק. [14] און דערנאָך האָבן זיי צוגעגרייט פאַר זיך און פאַר די כֹּהנים; וואָרום די כֹּהנים, די קינדער פון אַהרן, זיינען געווען פאַרנומען מיט אויפּברענגען די טיילן וואָס דאַרפן אויפגעבראַכט ווערן און דאָס פעטס, ביז נאַכט; דרום האָבן די לוִיִים צוגעגרייט אי פאַר זיך, אי פאַר די כֹּהנים, די קינדער פון אַהרן.

[15] און די זינגערס, די קינדער פון אָסָף, זיינען געווען אויף זייער אָרט, לויט דעם באַפעל פון דודן, און אָסָף, און הֵימָן, און ידוּתוּן דעם מלכס זעער. און די טויערלייט זיינען געווען ביי איטלעכן טויער. זיי האָבן ניט געדאַרפט אָפּטרעטן פון זייער דינסט, וואָרום זייערע ברידער די לוִיִים האָבן צוגעגרייט פאַר זיי.

[16] אַזוי איז צוגעגרייט געוואָרן דער גאַנצער דינסט פון גאָט אין יענעם טאָג, צו מאַכן דעם קָרבּן־פֶּסַח, און אויפצוברענגען בראַנדאָפּפער אויפן מזבח פון גאָט, לויט דעם באַפעל פון דעם מלך יאשִׁיָהו. [17] און די קינדער פון ישׂראל וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען, האָבן געמאַכט דעם קָרבּן־פֶּסַח אין יענער צייט, און דעם יָום־טוב פון מצות זיבן טעג. [18] און אַ קָרבּן־פֶּסַח אַזאַ ווי דער איז ניט געמאַכט געוואָרן פון די טעג פון שמואל דעם נביא אָן; און אַלע מלכים פון ישׂראל האָבן ניט געמאַכט אַזאַ קָרבּן־פֶּסַח ווי עס האָט געמאַכט יאשִׁיָהו, און די כֹּהנים, און די לוִיִים, און גאַנץ יהודה און ישׂראל וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען, און די באַוווינער פון ירושָׁלַיִם. [16] אין אַכצנטן יאָר פון יאשִׁיָהוס מלוכה איז געמאַכט געוואָרן דער דאָזיקער פסח.

[20] נאָך דעם אַלעם, אַז יאשִׁיָהו האָט געהאַט צוגעגרייט דאָס הויז, איז אַרויפגעגאַנגען נכו דער מלך פון מִצרַיִם, מלחמה צו האַלטן אויף כַּרכמיש ביים פּרָת, און יאשִׁיָהו איז אַרויסגעגאַנגען אַקעגן אים. [21] האָט ער געשיקט שלוחים צו אים, אַזוי צו זאָגן: וואָס קער איך זיך אָן מיט דיר, מלך פון יהודה? ניט קעגן דיר איז דאָס היינט, נאָר קעגן דעם הויז מיט וועמען איך בין אין מלחמה; און גאָט האָט אָנגעזאָגט מיך צו איילן; האַלט זיך אָפּ פון גאָט וואָס

נָתְנוּ לַפְּסָחִים אַלְפַּיִם וְשֵׁשׁ מֵאוֹת וּבָקָר שְׁלֹשׁ מֵאוֹת׃
ט וְכָונַנְיָהוּ וּשְׁמַעְיָהוּ וּנְתַנְאֵל אֶחָיו וַחֲשַׁבְיָהוּ וִיעִיאֵל
וְיוֹזָבָד שָׂרֵי הַלְוִיִּם הֵרִימוּ לַלְוִיִּם לַפְּסָחִים חֲמֵשֶׁת אֲלָפִים
י וּבָקָר חֲמֵשׁ מֵאוֹת׃ וַתִּכּוֹן הָעֲבוֹדָה וַיַּעַמְדוּ הַכֹּהֲנִים
יא עַל־עָמְדָם וְהַלְוִיִּם עַל־מַחְלְקוֹתָם כְּמִצְוַת הַמֶּלֶךְ׃ וַיִּשְׁחֲטוּ
יב הַפָּסַח וַיִּזְרְקוּ הַכֹּהֲנִים מִיָּדָם וְהַלְוִיִּם מַפְשִׁיטִים׃ וַיָּסִירוּ
הָעֹלָה לְתִתָּם לְמִפְלַגּוֹת לְבֵית־אָבוֹת לִבְנֵי הָעָם לְהַקְרִיב
יג לַיהוָה כַּכָּתוּב בְּסֵפֶר מֹשֶׁה וְכֵן לַבָּקָר׃ וַיְבַשְּׁלוּ הַפֶּסַח
בָּאֵשׁ כַּמִּשְׁפָּט וְהַקֳּדָשִׁים בִּשְּׁלוּ בַּסִּירוֹת וּבַדְּוָדִים וּבַצֵּלָחוֹת
יד וַיָּרִיצוּ לְכָל־בְּנֵי הָעָם׃ וְאַחַר הֵכִינוּ לָהֶם וְלַכֹּהֲנִים כִּי
הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן בְּהַעֲלוֹת הָעוֹלָה וְהַחֲלָבִים עַד־לָיְלָה
טו וְהַלְוִיִּם הֵכִינוּ לָהֶם וְלַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן׃ וְהַמְשֹׁרְרִים
בְּנֵי־אָסָף עַל־מַעֲמָדָם כְּמִצְוַת דָּוִיד וְאָסָף וְהֵימָן וִידִתוּן
חוֹזֵה הַמֶּלֶךְ וְהַשֹּׁעֲרִים לְשַׁעַר וָשָׁעַר אֵין לָהֶם לָסוּר מֵעַל
טז עֲבֹדָתָם כִּי־אֲחֵיהֶם הַלְוִיִּם הֵכִינוּ לָהֶם׃ וַתִּכּוֹן כָּל־עֲבוֹדַת
יְהוָה בַּיּוֹם הַהוּא לַעֲשׂוֹת הַפֶּסַח וְהַעֲלוֹת עֹלוֹת עַל
יז מִזְבַּח יְהוָה כְּמִצְוַת הַמֶּלֶךְ יֹאשִׁיָּהוּ׃ וַיַּעֲשׂוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל
הַנִּמְצְאִים אֶת־הַפֶּסַח בָּעֵת הַהִיא וְאֶת־חַג הַמַּצּוֹת שִׁבְעַת
יח יָמִים׃ וְלֹא־נַעֲשָׂה פֶסַח כָּמֹהוּ בְּיִשְׂרָאֵל מִימֵי שְׁמוּאֵל
הַנָּבִיא וְכָל־מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל ׀ לֹא־עָשׂוּ כַּפֶּסַח אֲשֶׁר־עָשָׂה
יֹאשִׁיָּהוּ וְהַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם וְכָל־יְהוּדָה וְיִשְׂרָאֵל הַנִּמְצָא
יט וְיוֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִָם׃ בִּשְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה שָׁנָה לְמַלְכוּת
כ יֹאשִׁיָּהוּ נַעֲשָׂה הַפֶּסַח הַזֶּה׃ אַחֲרֵי כָל־זֹאת אֲשֶׁר הֵכִין
יֹאשִׁיָּהוּ אֶת־הַבַּיִת עָלָה נְכוֹ מֶלֶךְ־מִצְרַיִם לְהִלָּחֵם
כא בְּכַרְכְּמִישׁ עַל־פְּרָת וַיֵּצֵא לִקְרָאתוֹ יֹאשִׁיָּהוּ׃ וַיִּשְׁלַח אֵלָיו
מַלְאָכִים ׀ לֵאמֹר ׀ מַה־לִּי וָלָךְ מֶלֶךְ יְהוּדָה לֹא־עָלֶיךָ אַתָּה
הַיּוֹם כִּי אֶל־בֵּית מִלְחַמְתִּי וֵאלֹהִים אָמַר לְבַהֲלֵנִי חֲדַל־

ט' יתיר ו' ובס"א וְכָ'

לָךְ מֵאֱלֹהִים אֲשֶׁר־עִמִּי וְאַל־יַשְׁחִיתֶךָ׃ וְלֹא־הֵסֵב יֹאשִׁיָּהוּ כב
פָנָיו מִמֶּנּוּ כִּי לְהִלָּחֶם־בּוֹ הִתְחַפֵּשׂ וְלֹא שָׁמַע אֶל־דִּבְרֵי
נְכוֹ מִפִּי אֱלֹהִים וַיָּבֹא לְהִלָּחֵם בְּבִקְעַת מְגִדּוֹ׃ וַיֹּרוּ הַיֹּרִים כג
לַמֶּלֶךְ יֹאשִׁיָּהוּ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לַעֲבָדָיו הַעֲבִירוּנִי כִּי הָחֳלֵיתִי
מְאֹד׃ וַיַּעֲבִירֻהוּ עֲבָדָיו מִן־הַמֶּרְכָּבָה וַיַּרְכִּיבֻהוּ עַל־רֶכֶב כד
הַמִּשְׁנֶה אֲשֶׁר־לוֹ וַיּוֹלִיכֻהוּ יְרוּשָׁלִַם וַיָּמָת וַיִּקָּבֵר בְּקִבְרוֹת
אֲבֹתָיו וְכָל־יְהוּדָה וִירוּשָׁלִַם מִתְאַבְּלִים עַל־יֹאשִׁיָּהוּ׃
וַיְקוֹנֵן יִרְמְיָהוּ עַל־יֹאשִׁיָּהוּ וַיֹּאמְרוּ כָל־הַשָּׁרִים ׀ כה
וְהַשָּׁרוֹת בְּקִינוֹתֵיהֶם עַל־יֹאשִׁיָּהוּ עַד־הַיּוֹם וַיִּתְּנוּם לְחֹק
עַל־יִשְׂרָאֵל וְהִנָּם כְּתוּבִים עַל־הַקִּינוֹת׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי יֹאשִׁיָּהוּ כו
וַחֲסָדָיו כַּכָּתוּב בְּתוֹרַת יְהוָה׃ וּדְבָרָיו הָרִאשֹׁנִים כז
וְהָאַחֲרֹנִים הִנָּם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר מַלְכֵי־יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה׃

## לו

וַיִּקְחוּ עַם־הָאָרֶץ אֶת־יְהוֹאָחָז בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ וַיַּמְלִיכֻהוּ תַחַת א
אָבִיו בִּירוּשָׁלִָם׃ בֶּן־שָׁלוֹשׁ וְעֶשְׂרִים שָׁנָה יוֹאָחָז בְּמָלְכוֹ ב
וּשְׁלֹשָׁה חֳדָשִׁים מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם׃ וַיְסִירֵהוּ מֶלֶךְ־מִצְרַיִם ג
בִּירוּשָׁלִָם וַיַּעֲנֹשׁ אֶת־הָאָרֶץ מֵאָה כִכַּר־כֶּסֶף וְכִכַּר זָהָב׃
וַיַּמְלֵךְ מֶלֶךְ־מִצְרַיִם אֶת־אֶלְיָקִים אָחִיו עַל־יְהוּדָה וִירוּשָׁלִַם ד
וַיַּסֵּב אֶת־שְׁמוֹ יְהוֹיָקִים וְאֶת־יוֹאָחָז אָחִיו לָקַח נְכוֹ
וַיְבִיאֵהוּ מִצְרָיְמָה׃ בֶּן־עֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה יְהוֹיָקִים ה
בְּמָלְכוֹ וְאַחַת עֶשְׂרֵה שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וַיַּעַשׂ הָרַע
בְּעֵינֵי יְהוָה אֱלֹהָיו׃ עָלָיו עָלָה נְבוּכַדְנֶאצַּר מֶלֶךְ בָּבֶל ו
וַיַּאַסְרֵהוּ בַּנְחֻשְׁתַּיִם לְהֹלִיכוֹ בָּבֶלָה׃ וּמִכְּלֵי בֵּית יְהוָה ז
הֵבִיא נְבוּכַדְנֶאצַּר לְבָבֶל וַיִּתְּנֵם בְּהֵיכָלוֹ בְּבָבֶל׃ וְיֶתֶר ח
דִּבְרֵי יְהוֹיָקִים וְתֹעֲבֹתָיו אֲשֶׁר־עָשָׂה וְהַנִּמְצָא עָלָיו הִנָּם
כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה וַיִּמְלֹךְ יְהוֹיָכִין
בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃ בֶּן־שְׁמוֹנֶה שָׁנִים יְהוֹיָכִין בְּמָלְכוֹ ט
וּשְׁלֹשָׁה חֳדָשִׁים וַעֲשֶׂרֶת יָמִים מָלַךְ בִּירוּשָׁלִַם וַיַּעַשׂ הָרַע

לה, כה׳ ב מקמץ

אין מיט מיר, כּדי ער זאָל דיך ניט אומבּרענגען. [22] אָבּער יאשִׁיָהוּ האָט ניט אָפּגעקערט זיין פּנים פון אים, נאָר מלחמה האַלטן מיט אים האָט ער געזוכטא; און ער האָט ניט צוגעהערט צו די ווערטער פון נכון, פון גאָטס מויל אַרויס, און ער איז געקומען מלחמה האַלטן אין דעם טאָל פון מגִדו. [23] האָבּן די בּויגנשיסערס געשאָסן אויף דעם מלך יאשִׁיָהוּ, און דער מלך האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: נעמט מיך אַוועק, וואָרום איך בּין שטאַרק פאַרווּנדט געוואָרן. [24] האָבּן אים די קנעכט אַראָפּגענומען פון זיין רייטוואָגן, און האָבּן אים אַרויפגעזעצט אויף דעם צווייטן רייטוואָגן וואָס ער האָט געהאַט, און אים אַוועקגעפירט קיין ירושָלַיִם. און ער איז געשטאָרבּן, און איז בּאַגראָבּן געוואָרן אין די קברים פון זיינע עלטערן. און גאַנץ יהוּדה און ירושָלַיִם האָבּן געטרויערט אויף יאשִׁיָהון. [25] און יִרמיָהוּ האָט געקלאָגט אויף יאשִׁיָהון, און אַלע זינגערס און זינגערינס האָבּן גערעדט אין זייערע קלאָגלידער פון יאשִׁיָהון, בּיז אויף היינט. און מע האָט זיי געמאַכט פאַר אַ מנהג אין ישׂראל, און זיי זיינען פאַרשריבּן אין די קלאָגלידער.

[26] און די איבּעריקע זאַכן וועגן יאשִׁיָהון, און זיינע חסָדים, לויט ווי עס שטייט געשריבּן אין דער תּורה פון גאָט, [27] און זיינע אויפטוּען, די ערשטע אַזוי ווי די לעצטע, זיי זיינען בּאַשריבּן אין בּוך פון די מלכים פון ישׂראל און יהוּדה.

## לו

[1] און דאָס פאָלק פון לאַנד האָט גענומען יהואָחָז דעם זון פון יאשִׁיָהון, און זיי האָבּן אים געמאַכט פאַר אַ מלך אויף זיין פאָטערס אָרט, אין ירושָלַיִם.

[2] דריי און צוואַנציק יאָר איז יואָחָז אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און דריי חדשים האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם. [3] און דער מלך פון מִצרַיִם האָט אים אַראָפּגעזעצט אין ירושָלַיִם, און האָט בּאַשטראָפט דאָס לאַנד מיט הונדערט צענטנער זילבּער און אַ צענטנער גאָלד. [4] און דער מלך פון מִצרַיִם האָט געמאַכט זיין בּרודער אֶליָקים פאַר אַ מלך איבּער יהוּדה און ירושָלַיִם, און ער האָט אומגעבּיטן זיין נאָמען אויף יהויָקים. און זיין בּרודער יואָחָז האָט נכו גענומען און אים געבּראַכט קיין מִצרַיִם.

[5] פינף און צוואַנציק יאָר איז יהויָקים אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און עלף יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם.

און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון יהוה זיין גאָט.

[6] איז אַרויפגעגאַנגען אויף אים נבוּכַדנֶצַר דער מלך פון בָּבל, און האָט אים געשמידט אין קופּערנע קייטן, כּדי אים אַוועקצופירן קיין בָּבל. [7] אויך פון די כּלים פון גאָטס הויז האָט נבוּכַדנֶצַר געבּראַכט קיין בָּבל, און זיי אַריינגעשטעלט אין זיין טעמפּל אין בָּבל.

[8] און די איבּעריקע זאַכן וועגן יהויָקימען, און זיינע אומווערדיקייטן וואָס ער האָט געטאָן, און וואָס מיט אים האָט געטראָפן, דאָס איז בּאַשריבּן אין בּוך פון די מלכים פון ישׂראל און יהוּדה.

און זיין זון יהויָכין איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

[9] אַכט יאָר איז יהויָכין אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און דריי חדשים מיט צען טעג האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם.

א זע אָנמערקונגען.

און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט.

[10] און צום אומקער פון יאָר, האָט דער מלך נבוכדנצר געשיקט, און האָט אים געבראַכט קיין בבל, מיט די גלוסטיקע כלים פון גאָטס הויז. און ער האָט געמאַכט זיין ברודער צדקיָהון פאַר אַ מלך איבער יהודה און ירושָלַיִם.

[11] איין און צוואַנציק יאָר איז צדקיָהו אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און עלף יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם.

[12] און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט; ער איז ניט אונטערטעניק געוואָרן פאַר ירמיָהו דעם נביא [וואָס האָט גערעדט] פון גאָטס מויל. [13] און ער האָט אויך ווידערשפעניקט אָן דעם מלך נבוכדנצר וואָס האָט אים באַשוואָרן ביי גאָט; און ער האָט שטייף געמאַכט זיין נאַקן, און האַרט געמאַכט זיין האַרץ, זיך ניט אומצוקערן צו יהוה דעם גאָט פון ישׂראל. [14] אויך אַלע האַרן פון די כֹּהנים און פון פאָלק האָבן געפעלשט אַ גרויס פעלשונג, אַזוי ווי אַלע אומווערדיקייטן פון די פעלקער, און זיי האָבן פאַראומרייניקט דאָס הויז פון גאָט וואָס ער האָט געהייליקט אין ירושָלַיִם. [15] און יהוה דער גאָט פון זייערע עלטערן האָט געשיקט צו זיי דורך זיינע שלוחים, נאָכאַנאַנד געשיקט, וואָרום ער האָט זיך דערבאַרימט אויף זיין פאָלק און אויף זיין וווינונג. [16] אָבער זיי פלעגן שפעטן פון די שלוחים פון גאָט, און פאַראַכטן זיינע ווער־טער, און זיך לוסטיק מאַכן איבער זיינע נביאים, ביז דער גרימצאָרן פון גאָט איז אויפגעגאַנגען אַקעגן זיין פאָלק, אַז קיין תרופה איז מער ניט געווען. [17] און ער האָט אַרויפגעבראַכט אויף זיי דעם מלך פון די כַּשׂדים, וואָס האָט גע־הרגעט זייערע יונגע לייט מיטן שווערד אין זייער בית־מקדש, און האָט זיך ניט דערבאַרימט אויף אַ בָּחור אָדער אַ מיידל, אַ זקן אָדער אַ גרייַז; אַלעמען האָט ער געגעבן אין זיין האַנט. [18] און אַלע כלים פון גאָטס הויז, די גרויסע אַזוי ווי די קליינע, און די אוצרות פון גאָטס הויז, און די אוצרות פון מלך און זיינע האַרן, אַלץ האָט ער געבראַכט קיין בָּבל. [19] און זיי האָבן פאַרבּרענט דאָס הויז פון גאָט, און אַיינגעוואָרפן די מויער פון ירושָלַיִם, און אַלע אירע פּאַלאַצן האָבן זיי פאַרברענט אין פייער, און אַלע אירע גלוסטיקע כלים האָבן זיי צעשטערט. [20] און די וואָס זיינען געבליבן פון שווערד האָט ער פאַרטריבן קיין בָּבל, און זיי זיינען געוואָרן צו אים און צו זיינע זין פאַר קנעכט ביז דער מלוכה פון מַלכות פָּרַס; [21] כדי צו דערפילן דאָס וואָרט פון גאָט דורך ירמיָהוס מויל: ביז די ערד וועט אָפּצאָלן אירע [ניט געהאַלטענע] שבתים; אַלע טעג פון איר וויסט זיין האָט זי געהאַלטן שבת, ביז צו דערפילן זיבעציק יאָר.

[22] און אין ערשטן יאָר פון כּוֹרֶשׁ דעם מלך פון פָּרַס, אַז עס איז אויסגעפירט געוואָרן דאָס וואָרט פון גאָט דורך ירמיָהוס מויל, האָט גאָט דערוועקט דעם גייסט פון כּוֹרֶשׁ דעם מלך פון פָּרַס, און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויסרוף אין זיין גאַנצן קיניגרייך, און אויך דורך אַ געשריפטס, אַזוי צו זאָגן:

י בעיני יהוה׃ ולתשובת השנה שלח המלך נבוכדנאצר
ויבאהו בבלה עם־כלי חמדת בית־יהוה וימלך את־
יא צדקיהו אחיו על־יהודה וירושלם׃ בן־עשרים
ואחת שנה צדקיהו במלכו ואחת עשרה שנה מלך
יב בירושלם׃ ויעש הרע בעיני יהוה אלהיו לא נכנע מלפני
יג ירמיהו הנביא מפי יהוה׃ וגם במלך נבוכדנאצר מרד
אשר השביעו באלהים ויקש את־ערפו ויאמץ את־לבבו
יד משוב אל־יהוה אלהי ישראל׃ גם כל־שרי הכהנים והעם
הרבו למעול־מעל ככל תעבות הגוים ויטמאו את־בית
טו יהוה אשר הקדיש בירושלם׃ וישלח יהוה אלהי
אבותיהם עליהם ביד־מלאכיו השכם ושלוח כי־חמל על־
טז עמו ועל־מעונו׃ ויהיו מלעבים במלאכי האלהים ובוזים
דבריו ומתעתעים בנביאיו עד עלות חמת־יהוה בעמו
יז עד־לאין מרפא׃ ויעל עליהם את־מלך כשדיים ויהרג
בחוריהם בחרב בבית מקדשם ולא חמל על־בחור
יח ובתולה זקן וישש הכל נתן בידו׃ וכל כלי בית
האלהים הגדלים והקטנים ואצרות בית יהוה ואצרות
יט המלך ושריו הכל הביא בבל׃ וישרפו את־בית האלהים
וינתצו את חומת ירושלם וכל־ארמנותיה שרפו באש
כ וכל־כלי מחמדיה להשחית׃ ויגל השארית מן־החרב
אל־בבל ויהיו־לו ולבניו לעבדים עד־מלך מלכות פרס׃
כא למלאות דבר־יהוה בפי ירמיהו עד־רצתה הארץ את־
שבתותיה כל־ימי השמה שבתה למלאות שבעים שנה׃
כב ובשנת אחת לכורש מלך פרס לכלות דבר־יהוה
בפי ירמיהו העיר יהוה את־רוח כורש מלך־פרס
כג ויעבר־קול בכל־מלכותו וגם־במכתב לאמר׃ כה־אמר

יג׳ קמץ בס״ק יד׳ יתיר ו׳ יז׳ יתיר י׳ כא׳ יתיר ו׳

כֹּורֶשׁ ׀ מֶלֶךְ פָּרַס כָּל־מַמְלְכוֹת הָאָרֶץ נָתַן לִי יְהוָה אֱלֹהֵי
הַשָּׁמַיִם וְהוּא־פָקַד עָלַי לִבְנוֹת־לוֹ בַיִת בִּירוּשָׁלַם אֲשֶׁר
בִּיהוּדָה מִי־בָכֶם מִכָּל־עַמּוֹ יְהוָה אֱלֹהָיו עִמּוֹ וְיָעַל׃

23 אַזוי האָט געזאָגט כּוֹרֶשׁ דער מלך פון פָּרַס: אַלע קיניגרייכן פון דער ערד האָט מיר געגעבן יהוה דער גאָט פון די הימלען; און ער האָט מיר באַפוילן אים צו בויען אַ הויז אין ירוּשָׁלַיִם וואָס אין יהוּדה; ווער עס איז דאָ צווישן אײַך פון זיין גאַנצן פאָלק, זאָל יהוה זיין גאָט זיין מיט אים, און זאָל ער אַרויפגיין.

## חזק ונתחזק

סכום הפסוקים של כל דברי הימים. אלף ושבע מאות וששים
וחמשה. וסימנו תולדתם לבית אבתם ׳ וחציו ועל אצרות
המלך עזמות בן עדיאל ׳ וסדריו חמשה ועשרים ׳ עד אשר עד כה
ברכני ה׳ סימן

# לוח ראשי התֵבות

## א

| | |
|---|---|
| א״א | אי אפשר |
| אא״כ | אלא אם כן |
| א״ב | איסורי ביאה |
| או״א | אכלה ואכלה |
| אח״כ | אחר כן |
| א״י | ארץ ישראל |
| א״כ | אם כן |
| אכ״מל | אין כאן מקום להאריך |
| אמ״ת | איוב, משלי, תהלים |
| אס״פ | אתנח סוף פסוק |
| אע״פ | אף על פי |
| אפי׳ | אפילו |
| א״ת | אור תורה |

## ב

| | |
|---|---|
| ב״א | בן אשר |
| ב״ב | באמבערג |
| בד״ה | בדבור המתחיל |
| ב״ה | ברוך השם; ברוך הוא |
| בהמ״ק | בית המקדש |
| ב״ור | באער ורעליטש |
| ב״ז | בן זאב |
| בכ״ז | בכל זאת |
| בכ״ם | בכל מקום |
| בל״ז | בלא זאת |
| ב״ם | בר מן; בבא מציעא |
| במד׳ | במדבר |
| במח״כ | במחילת כבודו |
| בע״הט | בעל הטעמים |
| בפ״ע | בפני עצמו |

## ג

| | |
|---|---|
| ג״כ | גם כן |
| גמ׳ | גמרא |

## ד

| | |
|---|---|
| ד״ה | דברי הימים; דבור המתחיל |
| דה״א | דברי הימים א׳ |
| דה״ב | דברי הימים ב׳ |
| ד״י | דפוסים ישנים |
| דכו׳ | דכוותיה |

## ה

| | |
|---|---|
| ה׳ | השם; הלכה |
| הגר״א | הגאון ר׳ אליהו |
| ה״הג | הרב הגאון |
| הח׳ | החכם |
| הי״ל | היה לו |
| היר״ל | היה ראוי להיות |
| הנ״ל | הנזכר למעלה |
| הפ׳ | הפטרה; הפטרת |
| הפט׳ | הַפטרה; הַפטרת |
| הר״הג | הרב הגאון |

## ו

| | |
|---|---|
| וגו׳ | וגומר |
| וכו׳ | וכולו |

## ז

| | |
|---|---|
| ז״א | זאת אומרת |
| ז״ג | זקף גדול |
| ז״ל | זכרונו לברכה; זה לשונו |
| זל״ז | זה לזה |
| זצ״ל | זכר צדיק לברכה |
| ז״ק | זקף קטן |

## ח

| | |
|---|---|
| ח׳ | חסר; חוברת |
| חר״ח | חסר דחסר |
| חז״ל | חכמינו ז״ל |
| חט״ס | חטף סגל |
| חט״פ | חטף פתח |
| חט״ק | חטף קמץ |
| חלה״נ | חלקת הנקוד |
| חל״הפ | חלקת הפעלים |
| ח״ס | חטף סגל |
| ח״פ | חטף פתח |
| ח״ק | חטף קמץ |

## ט

| | |
|---|---|
| ט״ס | טעות סופר |

## י

| | |
|---|---|
| יהב״י | ר׳ יקותיאל הכהן ב״ר יהודה (בעל ס׳ עין הקורא) |
| יה״ר | יהי רצון |
| יצ״ו | ישמרהו צורו וגואלו |
| ית׳ | יתברך |

## כ

| | |
|---|---|
| כ׳ | כתב; כתוב; כתובה |
| כ״ה | כן הוא |
| כ״הק | כתבי הקדש |
| כ״ז | כל זאת |
| כ״ח | כרם חמר |
| כ״י | כתב־יד; כתבי־יד |
| כיו״ב | כיוצא בזה |
| כי״י | כתבי־יד ישנים |
| כ״כ | כתוב כן; כתובים כן |
| כ״מ | כל מקום; כסף משנה |
| כ״נ | כן נראה |
| כנ״ל | כנזכר למעלה |
| כצ״ל | כן צריך להיות |

## ל

| | |
|---|---|
| ל׳ | לשון |
| ל״נ | לי נראה |
| לפי״ז | לפי זה |

## מ

| | |
|---|---|
| מ׳ | מלא |
| מ״א | מלכים א׳ |
| מ״ב | מלכים ב׳ |
| מ״ג | מסרה גדולה |
| מד״מ | מלא דמלא |
| מהר״ם | מורינו הרב ר׳ מאיר (מלובלין) |
| מח׳ | מחברת |
| מכ״ז | מכל זה |
| מכ״ש | מכל שכן |
| מל״א | מלכים א׳ |
| מל״ב | מלכים ב׳ |
| מלדמ״ל | מלא דמלא |
| מס׳ | מסרה |
| מס״ג | מסרה גדולה |
| מסה״ג | מסרה הגדולה |
| מסה״ק | מסרת הקריאה |
| מס״ק | מסרה קטנה |
| מס״ר | מסרה רבתא |
| מע״לע | מעת לעת |
| מ״ק | מסרה קטנה |
| מק״ג | מקראות גדולות |
| מ״ש | מנחת שי |
| משא״כ | מה שאין כן |
| משה״ט | משפטי הטעמים |
| מ״ת | מתן תורה |

## נ

| | |
|---|---|
| נ״א | נוסח אחר; נוסחאות אחרים |
| נ״וכ | נביאים וכתובים |
| נ״ל | נראה לי |
| נל״א | נחי לא׳ |

| | |
|---|---|
| נ״מ | נפקא מינה |
| נמס׳ | נמסר |
| נסו״א | נסוג אחור |
| נע״ו | נחי ע׳ ו׳ |

## ס

| | |
|---|---|
| ס׳ | ספר; ספרים |
| ס״א | ספרים אחרים |
| סי׳ | סימן |
| ס״י | ספר ישן; ספרים ישנים |
| ס״מ | ספרים מדויקים |
| ס״ס | ספרי ספרד |
| ס״פ | סוף פסוק |
| ס״ת | ספר־תורה |

## ע

| | |
|---|---|
| ע׳ | עמוד; עין |
| ע״נ | על נבי |
| ע״ד | על דבר; על דרך |
| ע״ה | עליו השלום |
| עו״י | עולה ויורד |
| ע״ז | על זה |
| עי׳ | עין |
| ע״י | על ידי |
| ע״כ | על כן |
| עכ״ל | עד כאן לשונו |
| עכ״פ | על כל פנים |
| ע״מ | על משקל |
| ע״פ | על פי |
| עפ״י | על פי |
| ע״ש | עיין שם |

## פ

| | |
|---|---|
| פ׳ | פרשה; פסוק; פרק |
| פ״ר | פרענסדאָרף |
| פי׳ | פירוש; פירש |

## צ

| | |
|---|---|
| צ״ל | צריך להיות |
| צ״ע | צריך עיון |

## ק

| | |
|---|---|
| קה״נ | קובץ הנוסחאות |
| קי״ל | קיימא לן |
| ק״ש | קריאת שמע |

## ר

| | |
|---|---|
| ר׳ | ראה |
| ר״א | ר׳ אברהם |
| ראב״ד | ר׳ אברהם בן דוד |
| ראב״ע | ר׳ אברהם בן עזרא |
| רד״ק | ר׳ דוד קמחי |
| רוו״ה | ר׳ וואָלף היידענהיים |
| רז״ה | ר׳ זלמן הענא |
| רז״ל | רבותינו ז״ל |
| ר״ח | ראש חדש; ר׳ חיים הירזשענזאָן |
| ר״י | ר׳ יונה אבן גאנח |
| ר״ל | רצה לומר |
| רלב״ג | ר׳ לוי בן גרשם |
| ר״מ | רביע מוגרש; ר׳ משה |
| רמ״א | ר׳ משה אריה |
| רמב״ם | ר׳ משה בן מימון |
| רמבמ״ן | ר׳ משה בן מנחם |
| רמב״ן | ר׳ משה בן נחמן |
| רמ״ה | ר׳ משה הנקדן |
| ר״פ | ריש פסוק |
| רשב״י | ר׳ שמעון בן יוחאי |
| רשד״ל | ר׳ שמואל דוד לוצאטו |
| רש״י | ר׳ שלמה יצחקי |
| רשל״נ | ר׳ שמואל לייב נרדון |

## ש

| | |
|---|---|
| ש׳ | שער |
| ש״א | שמואל א׳ |
| שאל״כ | שאם לא כן |
| ש״ב | שמואל ב׳ |
| שד״ל | שמואל דוד לוצאטו |
| שה״ש | שיר השירים |
| ש״ז | שערי זמרה |
| ש״מ | שמע מינה |
| שמ״א | שמואל א׳ |
| שמ״ב | שמואל ב׳ |
| שק״הח | שקיעת החמה |
| ש״ש | שום שכל |

## ת

| | |
|---|---|
| ת׳ | תחת |
| תו״א | תורת אמת |
| תו״הק | תורתנו הקדושה |
| ת״י | תחת ידי |
| ת״ל | תהלה לאל |
| תל״ג | תלישא גדולה |
| תל״ע | תלמוד לשון עבר |
| תל״ק | תלישא קטנה |
| תנ״ך | תורה, נביאים, כתובים |

# ישעיה

א ה) עַל – כן במק״ג ובקיטל וכן בכמה כ״י. יח) לכו־נָא – בתביר בס״מ. כג) סררים – חסר ו׳ ע״פ המס׳. כה) סיניך – מלא י׳ והנ׳ רפה. כן ברוב הספרים כ״י שבקובץ הנוסחאות וכן בקיטל. כו) שֹפטיך – הש׳ דגושה מדין אתי מרחיק על מתג. ל) וְכַנּנה – במתג חקף בס״מ.

ב ג) ויורנו – מלא בהרבה כ״י ור״י, ומן המס׳ אין הכרע כלל. יב) ועַל כל־נִשָּׂא – כן מוטעם בכל הס׳, וכדרך כל „ועל׳ שאחריו.

ג יג) לריב – מלא ע״פ מס״ג דעמוס ז׳. טז) וטפוף – מלא במק״ג, בב״ב ובקיטל ובכמה כ״י, ואין הכרע מן המס׳ שבידנו. כג) הגלינים – „ס״א והגלינים׳. כן בב״ב ובקיטל ובבו״ד (ר׳ מ״ש). כד) כי־תַחַת – כן מוטעם בכל הספרים ואף בב״ב ובקיטל. וכן מצאו הראב״ע והרד״ק בספרים שבימיהם (ור׳ מ״ש). ובכ״ז העירותי „ס״א כִּי תַחַת׳, לפי שנמצא כן במקצת כ״י, והוא בהסכם עם פי׳ רבא (שבת ס״ב ע״ב): חלופי שופרא כיבא (ולא כמו שהובא במ״ש „בועא״), ונ״ל שהכין „כי״ מְקֻצר מן „כְּאִי״ (=כאב לב, צער) מענין הכאות (יחזקאל יג, כ״ב), ונכאה (תהלים קט, ט״ז), והרד״ק גרס „כְוָאָה״ מענין מכות אש, ויהיה „כי״=כְוִי (כויה). וכן פירשוה חכמי העמים, וכן תרגמה יהואש ע״ה: א בראנד אנשטאט שיינקייט, וכונתו, שהכודנה לשפחה עושה צרבת אש בפניה לאות הכרה אם תברת. ובכ״ז נ״ל שהטעמת רוב הספרים נכונה, כמו שאבאר: מלת „תחת׳ בזה אפשר שתהיה פעל עתיד לנקבה משרש „חתה״ ע״ד תעש, תעל, ותחַז (מיכה ד, י״א), ושב על האשה המובנת בענין. ומלת „כי״ לנתינת טעם: לפי שבעת הרעה ההיא תתעב האשה כל יפוי וקשוט, שלא יתעללו בה אנשי חיל האויבים ויענוה. לשמוש בשרש „חתה״ להוראת גריפה של בטול השוה: יחתך (תהלים נב, ז׳).

ד ה) מקראה – חסר י׳ בכל ס״מ, ואין הכרע מן המס׳. על־כל־כבוד – „בס״א על כבוד׳ (ר׳ מ״ש).

ה כה) חוצות – מלא דמלא בס״מ, וכן יוצא ממס׳ דפ׳ בלק שבכל הספרים מלבד ס׳ ירמיה נמצאו רק ב׳ כתובים כן „חצות׳, והם קרית חצות, וחברו בס״א כ׳.

ו יג) בם – העירותי „סבירין בה׳ (ר׳ מ״ש).

ז ג) ושְׁאָר יָשׁוּב בְּנֶךָ – החזרתי את ההטעמה לישנה בטפחא ומונח, לפי שהיא כן בכל הס׳ כלם ממש באין יוצא מן הכלל, וא״א שישתבשו כלם. ולטריס ובו״ד הלכו אחר תקון רשד״ל, וכ״ז לפי שהובן שם הבן „שאר ישוב׳, אבל אפשר לסבור במובן „שאר ישוב״: יתומו של ישוב בגו שמת בנעוריו ע״ד: שם ושאר (י״ד כ״ב). יד) וכן להלן ח, ח) עמנואל – מלה אחת (מ״ש). טז) מאוס – זה מלא במס׳ או״א סי׳ ט״ז (ור׳ במ״ש). כג) שם – הש׳ דגושה מדין דחיק. כד) יבוא – מלא, שכן נמסר על אותו דסי׳ ג״ב א׳ „לית חסר בספרא׳.

ח ב) בֶּן – זה אחד מן ו׳ סגל בלא מקף ע״פ המס׳. ח) מלא רחב־ – כן במק״ג, בב״ב ובקיטל, ונכון. ט) וְהַאֲזִינוּ – במתג וזקף בס״מ (ר׳ מחברת המסה״נ ערך עיצה 2. בשם הרוו״ה). יז) וקִוֵּיתִי־לוֹ – זה אחד מן ה׳ מאיילין ע״פ מס׳ דפ׳ אמר (ויקרא כא, ד׳).

ט יד) שקר – הש׳ דגושה בסבת דחיק. טז) ומְרֻע – הר׳ בפתח ע״פ מס׳ או״א סי׳ כ״ד. וכן בקיטל ובו״ד.

י א) ומכתבִים עמָל – כטרכא וטפחא בכל הספרים כלם, באין יוצא מן הכלל, ונראה מתוך פי׳ רש״י שכן היה גם לפניו, חוהי שהכריחתו לראות בשם „מכתבים״ תמונה ערבית: מכתבים עמל=מְכַתְּבֵי עמל. ואפי׳ רשד״ל בתקוניו לא העז לנגוע בה, ורק בו״ד הדפיסו: ומכתבים עמָל ע״פ כ״י אחד. ונ״ל בכונת הטעמים שלפנינו: המכתבים את העמל שכבר כתבוהו להם מראש, ר״ל: שחברו להם ספר חקים כפורט שכלו סובב על הקוטב של תקנת העשירים על חשבון העניים, וכשבא לפניהם דין עני עם עשיר, הם כותבים פסק דינם ע״פ החקים ההם. כִּתֵּב=כָּתַב בפרוט, והוא פעל יוצא לשני, ולא כרד״ק ובעל המצודות. יג) נבנותי – מלא ו׳ שניה, כן בכל הספרים. נבוּלת – כצ״ל ע״פ המס׳ דתהלים ע״ד כפי שנתקנה ע״י הרוו״ה ז״ל, וכן במק״נ, בב״ב ובקיטל, ובו נמסר ע״ז „ל׳ כ״כ״. ואוֹרִיד כַּאבִּיר – כן מוטעם בכל הספרים כלם, ורק בבו״ד: ואוֹרִיד כאבִּיר בלי שום ראיה כלל מאיזה כ״י, וגם לבלי צרך, לפי שהכתוב מתפרש יפה לפי הטעמים שלפנינו, או שמלת „כאביר״ תאר נושאי: בתור כביר, כבתרגום האנגלי החדש שיצא בפילודלפיה: as one mighty. או שהיא מלת המצב כבתרגום יהואש ע״ה: און מאכטיק טו איך גידערן די באוווינער. טו) את – בס״א ואת (ר׳ מ״ש). כב) שוטף – מלא ע״פ המס׳ דיחזקאל יג, י״ג. כג) כל־הארץ – „בס״א בקרב הארץ״ (ר׳ מ״ש). כח) עֲיַת – ב׳ פתחין ברוב ס״מ. לג) גדועים – מלא ו׳ ברוב גדול של כ״י. וכן בב״ב ובקיטל.

יא יב) ונשָׂא – במרכא כדין בקרבת הטעמים. טו) יָם־ – בקמץ ובמתג בס״מ.

יב א) כִּי אנְפת – כן מוטעם בכל הספרים כלם. ובו״ד הדפיסו כִּי אנָפת ע״פ הרד״ק במכלול (ואינו ת״י הפעם). אבל זה דרך מלת „כי״ בקשור מלים כזה להתחבר אל הפעל. השוה: כי־חטאתי לך (תהלים מא, ה׳) אלא שבטעמי כ״א ספרים אין אס״ף בלי טפחא, וממעטים במקפין (ר׳ תו״א 60). ג) הישועה – הי׳ רפה כדין.

יג כ) תשכן – חסר ע״פ המס׳, שכן לא נמנה בין ג׳ מלאים, ולא בין י׳ מלאים בלישנא.

יד טו) תוֹרֶד – קמץ בטרחא. כן בכמה כ״י, וכן ראוי להיות לפי שאין אתנח בפסוק זה. השוה: למטה אפְרָיִם וכו׳ (במד׳ יג, ח׳). כא) אבותם – מלא, לפי שאינו מן החמשה חסרים בנו״כ שנמנו במס״ג דנחמיה ז׳. לא) הילילי – מלא ברוב הספרים, וכן בב״ב ובקיטל ובבו״ד.

טו ב) ודיבן – חסר ע״פ המס׳, המונה נ׳ מלאים, ואין זה מהם. ח) אלים – כן ברוב הספרים. ויש אמנם כמה כ״י המנסחים „אילים״ מלא דמלא, והרוו״ה אמר להוכיח כן מן המס׳ (ר׳ מח׳ המסה״נ בערכו). ולי נראה שאין ממנה הוכחה, לפי שרק על „אילם׳ שבתורה נמסר „וכל שום אתרא דכותהון׳, אבל לא נמסר כן על „אילים׳ שבנביאים וכתובים. ט) מָלאו – נסו״א בס״מ.

טז א) מְשל־ – חסר ו׳ ע״פ המס׳ דמיכה ה׳, שכן לא נמנה בין י״ד מלאים. ב) קֻעוף – הכ׳ בשוא ולא בקמץ, שהרי נמסר על „כָּעוּף״ דהושע ט, י״א: „לית״. ג) הביאִו – העירותי „הביאי קרי, ובנ״א כן כתיב וקרי״ ועל „עשי״ העירותי „עשו קרי ובנ״א עשו כתיב עשי קרי״. הנוסח שבפנים הוא של הרד״ק ומ״ש, והנוסח האחר שהזכרתי הוא של המס׳ או״א סי׳ קל״ז. ובאמת הנוסח שבפנים אין לו שחר. לפי הכתיב מדבר אל הרבים ונומר אל היחידה (העדה, רד״ק) ולפי הקרי התחיל מדבר אל היחידה וחוזר אל הרבים ונומר שוב אל היחידה, ונמצא שהכתיב יותר פשוט מן הקרי, וזה תמה. ואולם לנוסח המס׳ הנ״ל הכל עולה כהונן. לפי הכתיב „עשו״ מקור, ולפי הקרי הכל צוויים לנקבה. נדד – חסר ע״פ המס׳ דמשלי כז, ח׳, המונה שם ב׳ מלאים ואין זה מהם, וכן חסר בקיטל.

יז ו) עוללת – בזה ובחברו (כד, י״ג) נפלה מחלוקת בספרים במלוי וחסרון הווין, כמו שהעיר בעל מ״ש, ורשימות המס״ק משובשות נ״כ, שהרי נמסר על של כד, י״ג „ל׳ כ״כ״ ובפנים הוא כתוב חסר דחסר, וכן נכתב אותו של מיכה ז, א׳, ובצדו נמסר „ל׳ חסר״. וע״כ בחרתי בנוסחת קיטל (ההוצאה החדשה משנת 1929) עם המס״ק בצדו) שהשנים דישעיה כתובים „עוללת״ וכשניהם נמסר בצדו „ב׳ כ״כ״, ונראה שכן צ״ל גם במס״ק דמק״ג בספרא כ״ד, י״ג: „ב׳

פארתיו (יחזקאל לה, ו׳), ובאישתא (עזרא ד, י״ב). וא״כ נפלה מסרתא בבירא׳ ועלינו ללכת אחר נוסח רוב הס׳ בלבד. וע״כ הנחתי המלה כתובה בא׳ אלא שהעירותי על הנוסח האחר. ג) מָה – כן בסק״נ ובקיטל ובבו״ד. ד) חזקיהו – ברביע, והזקף בקצת ספרים שבוש המוכח מתוכו. שאלו היה זקף, היה „ויאמר״ שלפניו מוטעם פשטא ולא מונח.

מ ו) כל־הבשר – במונח ולא בפשטא. יג) מִי תִכֵּן את־רוח ה׳ ואיש עצתו – כן מוטעם בכמה כ״י, ונכון. לא) וקוי – נ״א וקוֵי״ (ר׳ מ״ש וס׳ הכלים של שבי״ל ערך קיה).

מא ז) הולם – הל׳ בסגל ובלי מתג בס״מ. ט) מקצות – הק׳ רפה (מ״ש). וְאֹמַר – מלעיל (מ״ש). י) כִּי עמך־אני – כן בקיטל ובכמה כ״י (ר׳ הערתי למ״א ג, כ״ד). יח) למוצאי – (ר׳ תו״א צר 57 הערה 5 וצר 12 סעיף ה׳). כא) עצמותיכם – הע׳ בח״פ והצ׳ רפה. כן משמע מרד״ק, וכן בב״ב ובקיטל ובבו״ד. כט) הֵן כלם און – כן מוטעם בכל הספרים, ולהטעמת לטריס לא מצאתי חבר.

מב כג) יקשב – חסר (מ״ש), ובקיטל נמסר עליו „ל׳ חסר״.

מג ב) תעבר – חסר בכל הספרים כלם, ומס״נ דבמדבר כ״ב משובשת (ר׳ פ״ר בערכו). ה) כִּי אתך־אני – כן בקיטל (ר׳ מ״א ג, כ״ד). י) לא יהיה – במרכא בס״מ. יט) בישמון – חסר י׳ ע״פ המס׳, שנמסר עליו ל׳ כ״כ (ור׳ מ״ש).

מד ג) ונזלים – חסר בקיטל ובב״ב וברוב כ״י. יג) בשרד – בזקף, ובס״א מוטעם רביע, אבל נראה שהזקף הוא הנכון, כן מבחינת הנתוח (ר׳ רד״ק), וכן מדרך הקשור של דהחבור „ובמחוגה״, ע״ד: ראובן, שמעון ולוי. יט) דעת – במרכא (ר׳ משה״ט דף י״ח). כ) הלוא – במרכא לבן אשר. כא) עבד־לי אתה – בכמה כ״י נמצא: עֶבֶד לִי־אתה, וזהו ע״פ מה שכתבתי בהערתי למ״א ג, כ״ד, אבל רובם לא הסיגוהו אחור, וכנראה משום חשש הבלעת הא׳. כב) חטאותיך – מלא ו׳. המ״ש הביא כן בשם יש ספרים, ופליאה לי שהרי היא מסרה מפורשת בירמיה טו, י״ג.

מה יד) מצרים – במרכא בס״מ (משה״ט דף י״ח). וסחרי־ – במתג (ס״ש). כ) ומתפללים – הל׳ רפה בס״מ. כד) יבוא – „סבירין יבואו״ בכס׳.

מז א) ה) תוסיפי – סלרע, וזה ודאי משום חשש הבלעת י׳ ייקראו. ח) היושבת – מלא ע״פ המס׳, שכן לא נמנה בין ט׳ חסרים. יא) שואה – מלא כהרבה כ״י וכן בקיטל, ושם באיוב ל, נ׳ נמסר בצדו: „ג׳ מלאים וכל שא׳ דכותיה״. והנה ג׳ המלאים, אחר החפוש בתנ״ך של קיטל, הם: דישעיה מז, י״א, תהלים לה, ח׳ ואיוב ל, נ׳. אך הסוף „וכל שא׳ דכוותיה״ סתום וחתום. ואולי צ״ל „וכל לש׳ דכותיה״, ור״ל „לישנא דשואה״ כלומר עם אותיות השמוש „בשואה, כשואה, לשואה״ לעולם מלא.

מח יא) כִּי – במונח. כן בב״ב ובקיטל ובבו״ד. טו) הבאתיו – ר׳ הערתי לש״א א, כ״ב.

נא ה) ואל־זרעי – חסר ע״פ המס׳. כתהלים פט, כ״ב נמסר ב׳ מלאים, וזה אינו מהם. ז) ידעי – חסר (מ״ש). כג) ב׳ד־ – כן במק״נ ובקיטל, ונכון (ר׳ משה״ט דף ס״ה).

נב ה) ועתה – בו״ד רשמו לפני פסוק זה „פרשה סתומה״ ע״פ הנמ׳ דמגילה כ״ד ע״א, אבל א״כ, הלא ראוי לעשות עוד פרשה גם אחרי פסוק זה. ובאמת אין ספרינו הולכים אחר גמרא זו, ולא נמצא גם אחד מכ״י וד״י שתהיה בו כאן סתומה, שאלו נמצא, היה מובא בקובץ הנוסחאות או היה מביאו הבוחן הגדול הרב הדיין מווילנה ר׳ פסח פינפער, ששם קביעת הפתוחות והסתומות כל משאת נפשו. ונסע בארצות רבות מבית אסף ספרים למשנהו, ובקר כתבי יד רבים מאד, ורשם לו מקומות הפתוחות והסתומות שבכל המקרא השוים בכלם והמחולפים בהם, אלא ודאי שהאמוראים בש״ס הלכו אחר ספריהם שהיו שונים מספרינו שבידינו היום בכמה ענינים צרדיים, והלכה כספרינו וכפי הממ׳ שלנו נגר המס׳ הבבלית. מה – הנוסח שהעירותי עליו נמצא כן בקיטל.

נג ה) מעונתינו – חסר ו׳ אחר הנ׳ ברוב כ״י, וכן בב״ב ובקיטל וכבו״ד. ז) נאלמה – מלעיל (מ״ש).

נד ד) כִּי לא (תחפירי) – בשני מונחים לבן בלעם (משה״ט דף י״ב ע״ב). ז) נדלים – חסר ע״פ מס״נ דשופטים ה׳, וכן בב״ב ובקיטל ובבו״ד. י) מרחמך ה׳ – בהערתי בשולי הגליון: „בי״ד באלול מוסיפים עניה סערה״ – טעם הדבר, לפי שנרחתה הפטרת עניה סערה בשבת ראה מפני הפ׳ השסים כסאי, ואין להשמיט הפטרה מז׳ רנחמתא. יב) כַּדְכֹד – כצ״ל (מ״ש). יז) עבדי ה׳ – כצ״ל ולא בקדמא ואזלא, וכן בכל ס״מ.

נה ג) חַסְדֵי – ונ״א חַסְדֵ֜י (ר׳ מ״ש ס״נ ז׳) וכן בכל מקום.

נו ט) לאכל כל־חיתו – כן בכמה כ״י, וכתקון רשד״ל.

נז ה) סעפי – חסר ברוב הספרים ככל חבריו, ובו״ד הרפיסוהו מלא, והעידו שכן צ״ל ע״פ המס׳, ואני לא מצאתיה. יג) יקח־ – מוקף בס״מ. ואמר – במרכא בס״מ.

נח ב) יום יום – במרכא ופשטא, ובלי פסיק, וזה בכל הספרים הישנים וכ״י, חוץ משני כ״י וספר ד״י אחד שהובא בק״הנ בפסיק, והם בטלים במעוטם. ומה שכ׳ במשפטי הטעמים (כ״ד ע״ב) כי לעולם יבוא פסיק בין ב׳ מלים תאומות, איננו כן לעולם, וכמה פעמים נמצא „איש איש״ מבלי פסיק, וביחוד כאן שאין צרך לו מאחר שהמהפך נהפך למרכא כדי לעכב על הרהיטות בקרבת הטעמים. ונמצא שהטעם עצמו משמש שמוש פסיק.

נט כא) אותם – מלא ברוב כ״י וס״י. אבל בו״ד הדפיסוהו חסר, תמוקם בהערה: nam ubique in libro Jesaiae hoc vocabulum defective scribendum. ושכחו „ההצילו אותם״ (לז, י״ב) שהוא מלא בכל הספרים כלם, וכן גם בהוצאתם הם, וגם לא נמסר עליו „ל׳ מלא״, כמו שהיה ראוי להיות אלו היה רק הוא המלא והשנים האחרים (מא, ט״ז, נט, כ״א) חסרים. והנה נמסר על זה שלפנינו „ג׳ מלאים בספרא״, ונ״ל שצ״ל „ב׳ מלאים בספרא״, אלא שנתחלף למעתיק בל׳ המס׳ שלמעלה (כז, י״א) על „אותה״. ואלו היו כל הג׳ מלאים היר״ל „ג׳ בספרא ומלאים״. ולא כבו״ד שכתבו שמס׳ זו כולה נשתרבבה משם (ר׳ הערתי למעלה כז, י״א).

ס י) חֲמתיך – חסר דחסר בכל ס״ם. טז) כִּי – במונח בס״מ.

סב ט) והללו – הל׳ רפה ברוב ס״מ.

סג יב) בּוֹקֵעַ – כצ״ל (ר׳ מס׳ או״א ס׳ שע״ב).

סד ו) עוננו – חסר ע״פ המס׳ (ר׳ מ״ש). י) וכל־מחמדינו – מלא ברוב הספרים, ומן הרד״ק שפי׳ „וכל מחמדינו – בית המקדש״ אין ראיה לומר שקרא „מחמדנו״, אלא ע״ד וכלו מחמדים (שה״ש ה׳), שהדי אין הכונה לומר שבהמ״ק כלו נשרף, אלא: בהמ״ק שהוא כל מחמדינו נשרף.

סה ו) עַל־חיקם – כצ״ל (מ״ש). כ) לפי הבאור הרגיל היה ראוי להטעים: מִשָּׁם עוֹד עוּל יָמִים וזָקֵן. ונ״ל בכונת ההטעמה שלפנינו: עול ימים וזקן = רך בשנים ושיבה זרקה בו.

סו א) כה אמר – העירותי „הפטרת שבת ור״ח חוץ מר״ח אב׳ ד״ל, שאז מפטירין „שמעו״ שהיא מן ג׳ דפורענותא, ודוחה את זו. ג) עֹרֵף – חסר ברוב ס״מ. ד) בתעלוליהם – מלא ברובם. יב) נטה – כצ״ל חסר ע״פ המס״נ דתהלים ק״ד, שזה לא נמנה בין ד׳ (כצ״ל שם) מלאים, וכן נמס׳ בקיטל בכל אחד מהם „ד׳ מלאים״. וזה כתוב חסר שם, וכן הוא חסר בב״ב וברוב מכריע של כ״י. כד) ויצאו – במונח ברוב ס״מ, וכן נכון לפי חקי ההטעמה.

# ירמיה

א יד) עַל כׇּל־ישְׁבֵי – כן בס״מ (ב״ור). יח) ולחמות – חסר ו׳ קדמאה ומלא תנינא. כצ״ל ע״פ המס׳ המתוקנת שהביא הח׳ פ״ר בשם הרוו״ה.

ב ו) ולְֹא אמרו – במונח וזקף. כן ברוב כ״י, וכן בקיטל ובבו״ד, ונכון ע״פ הנתות. ח) והנבאים – אינו מן ח׳ מלאים שנמסרו בספרא סי׳ כ״ז. יז) בְּעֵת – כצ״ל הב׳ בשוא. כד) פרה – בה׳ ע״פ מס׳ או״א סי׳ ק״פ, וגם במס״ק נמס׳ „ל׳ כתיב ה׳, וכן בכל ס״מ. כו) הבישו – מבוכה גרולה מצאתי במלה זו בספרים בענין מלא וחסר, ומן המס׳ נוכל רק לדעת שהשנים הנזכרים בסי׳ ח׳ (ט׳ וי״ב) הם חסר דחסר. ע״כ הנחתי את השאר כמו שהם ברוב הספרים, היינו חסרי ו׳ ומלאי י׳, חוץ משל ו׳ ט״ז שהוא מר״מ. לא) אִם אֶרֶץ מַאְפֵּלְיָה – כן הטעים רוו״ה בשם בן בלעם (משה״ט דף י״ב ול״ב), והמאילא במ׳ כנראה לשמור על הא׳ שלא תתבלע.

ג ה) הינטר – חסר ו׳ בקיטל ובב״ב, וכן ברוב מכריע של כ״י. דִּבַּרְתְּ – ספרים המנסחים „דִּבַּרְתִּי״ הם נגד המס׳ דמ״א א, א׳ ומס׳ או״א סי׳ קכ״ז.

ד יא) לְהָבָר – בפתח ע״פ המס׳. וכן בס״מ. יח) עָשׂוֹ – בחולם (ר׳ מ״ש). יט) אחולה . . . המה – חסרים ו׳ ברוב ס״מ (ור׳ מס״ק דמשלי כ, א׳). כ) פתאם – חסר ו׳ בס״מ.

ה א) ובקשו – הק׳ רפה (מ״ש). עשה – בסגל, שכן זה לא נמנה בין ה„קמצין״ במס׳ דפ׳ בשלח. וכן בכל הספרים. ובב״ב טעות הדפוס. ב) לָכֵן לַשֶּׁקֶר – כן מוטעם בכל הספרים לרבות בו״ד, ונראה שבעה״ט הבין „לכן״ (=אכן, אך) כעין חזוק למלת „לשקר״. ה) עַל – כצ״ל חסר ו׳ (ר׳ מ״ש דברים כא, נ׳). ט) ואִם בְּגוֹי אשר־כָּזֶה – כן בבמה ס״מ, ויניד עליו רעו (ב״ט). טו) לשנו – בצ״ל חסר ע״פ מס״נ דשופטים ז, ה׳ (ר׳ פ״ד בערכו). יז) בוטח – למערבאי מלא (מ״ש). כא) עָם – במרבא בס״מ, וברוב כ״י. כד) הנתֵן – ברביע. כן בקיטל, ונכון.

ו ה) בַלָּילָה – הל׳ בקמץ ע״פ המס׳ דכאן ומס׳ או״א סי׳ כ״א. ז) יַשְׁמִעַ בָּהּ – כצ״ל ע״פ חקי ההטעמה, וכן בב״ב ובקיטל ובבו״ד. יג) שקר – הש׳ דנושה מדין דחיק. טז) דֶּרֶךְ – הד׳ רפה, לפי שהטעם שלפניו קדמא. כח) משחיתם – חסר י׳ הרבוי. וכן נכון ע״פ מסרת המ״ש בשם חזקיה הנקדן.

ז יא) ל) וכן: לב, לד) אשר־נקרא־שְׁמִי – כן מוטעם בב״ב ובקיטל ובבו״ד, ונכון. יז) ובחֻצות – כצ״ל חסר ו׳ קדמאה ע״פ מס״נ דפ׳ בלק וע״פ מס״ק שלמעלה ה, א׳. כד) במועצות – מלא ע״פ המס׳.

ח א) ואת־עַצְמוֹת שריו – כן מוטעם ברוב גדול של כ״י. ה) בתרמת – חסר י׳ ע״פ המס׳. ז) ותר – חסר ע״פ מס׳ שה״ש ב, י״ב, וכן בב״ב ובקיטל ובבו״ד. יט) בפסליהם – חסר י׳ אחר הס׳, ובמס׳ שבהוצאת קיטל נמסר עליו „ל׳ וכתיב כן״.

ט ט) עבד – חסר ע״פ מס״נ דיחזקאל ט״ז, ומס״ק נשתרבבה ממקום אחד. יב) וַיֹּאמֶר ה׳ – במונח וזקף בס״מ. טו) והפצותים – חסר י׳ ברוב כ״י, וכן בב״ב ובקיטל ובבו״ד. טז) התבוננו – במרבא ותביר (משה״ט כ״ו ע״ב). יט) בנתיכם – ברבר מלא והסר מחלוקת בספרים וא״א להכריע.

י יג) מאצרתיו – הסר דחסר בס״מ. יד) צורף – מלא ע״פ המס׳.

יא ז) העלותי – כצ״ל מלא ובמס׳ בהוצאת קיטל נמס׳ ע״ז „ב׳ מלא״. חברו הוא דיחזקאל לז, יג׳. וכן הוא ברוב הס׳. ועד־היום – בו׳ החבור. כן בב״ב ובקיטל ובבו״ד, ונסתיעו מן המס׳ דמל״ב כא, טו׳. כב) ובנותיהם – מלא בס״מ, וכ״ה ע״פ המס׳. שבן לא נמנה בין ה׳ חסרים.

יב ב) מכליותיהם – מלא דמלא ברוב הספרים. טו) והשיבתים – מלה זו נמצאת ח׳ פעמים במקרא, ומהן בד׳ מקומות כתובה חסר דחסר בבל כ״י וד״י, והם בספרא (כד, ו׳, ל, נ׳, לב, ל״ז, לד, כ״ב), ואחר מהם בזכריה י, י׳ כתוב והשבותים בכל הס׳, ונמסר עליו „ל׳ וב״כ״. נשארו שלשה שהס׳ מחולפים בבתיבתם, והם בספרא (יב, ט״ו, טז, ט״ו, כז, כ״ב). ומאחר שנמסר במס״ק על מלה זו בבמה מקומות „ד״. ע״כ נטיתי באלה אחר הספרים המנסחים והשיבתים, ונמצאו רק ד׳ חד״ח בהתאם למס׳.

יג י) הָרָע – בקמץ בס״מ. יג) אליהם – בישעיה ובירמיה בלם מלאים ע״פ המס׳. הנבאים – זה אינו בבלל „ח׳ מלאים בירמיה״. יח) מראשותיכם – ברוב כ״י מלא ו׳.

יד טז) בחֻצות – כצ״ל חסר ע״פ המס׳ דפ׳ בלק, והמס״ק דלעיל ה, א׳.

טו י) אוֹי־לִי אִמִּי – כן בס״י וכן במשה״ט בשם בן בלעם, אבל „ילדתני״ מוטעם ברוב כ״י וס״י בזקף ולא ברביע (כהטעמת בן בלעם שם), וכן נכון לפי הנתות. שהרי אמו ילדהו לאביו ולא לכל הארץ. יג) ואוצרתיך – בזה ובשל י״ז ג׳ הס׳ מחולפים בין מלא וחסר וא״א לברר מן המס׳.

טז ו) ולא־יספדו להם – כן מוטעם בב״ב ובקיטל, והוא נכון מאד בנתות. ט) הָ׳ – כצ״ל, ולא ברביע. יב) מאבותיכם, וכן: יג) ואבותיכם – שניהם צ״ל מלאים ע״פ המס׳ המונה רק ב׳ חסרים בירמיה (לה, ט״ו, מד, נ׳). וכן בס״מ.

יז ב) על, ג) כל – נ״א: ועל, וכל (מ״ש). הררי בשדה – כן בכ״מ, ונכון. ז) מבטחו – בפתח בס״מ. יא) עָשָׂה – בסגל בכל הספרים וכן נכון, שבן לא נמנה בין ה„קמצין״ במס׳ דפ׳ בשלח. ומסרת שמשון הנקרן בחבור הקונים, שסמכו עליה בו״ד לנקד למעלה (ה, א׳) וכאן בצירי, היא נגר המסרה שלנו ורק בהתאם למס׳ כ״י שהביאו באיוב ט, ט׳, שמסרה „ח׳ קמצין: פלא, פנעת, אמונה, בבחו, בכחו, עשר, עש, עשיר״. ונ״ל שאין לסמוך על מסורות הללו נגר כל הספרים כלם, ואינן אלא תקון של מי שרצו למצוא „ח׳ קמצין״ שנמסרו בפ׳ בשלח, שבפרטם אינם אלא ה׳ (וכן נרס הרוו״ה), לפי שג׳ מהם כתובים „עשי״ ברכוי, ואין להם ענין עם הכלל הדרוש. והח׳ פ״ד במחברת המסה״ג בערכו הביא בהערה דברי המ״ש בדברים ב, כ׳: „ובמס׳ עשה ו׳ קמצין״, וטעה במח״ב בכונת המ״ש שאינו מדבר מענין שלפנינו כלל, אלא מענין עָשָׂה בקמץ גדול ממש. טז) מרעה – חסר ו׳ ע״פ המס׳. יז) מַחְסִי־אָתָּה – במקף בס״מ. כו) עולה – מלא ע״פ המס׳ דפ׳ נשא ודלעיל יד, י״ב.

יח ט) ולנטוע – במס״נ להלן לא, כ״ח נמסר „ג׳ מלאים וסי׳ וכו׳״, וכן צ״ל במס״ק למעלה א, י״א, אם אינה במחלוקת עם המסה״ג.

יט יב) על־גנתיהם – בפשטא בס״מ (ר׳ תו״א 64).

כב ג) אל־תחמסו – ס״א ואל (ר׳ מ״ש). טו) התֲמלך – במתג וזקף בס״מ. כו) אתך . . . ילדתך – הטעמה זו נכונה לפי הנתוח (ולא כבו״ד). כח) אם־כלי אֵין־חפץ – כן בבו״ד ע״פ ס״מ ולבן אשר. ל) ומשל – כן כתוב חסר בס״י וכ״י, וכן נכון לפי שאין זה בין י״ד מלאים ע״פ מס׳ דמיכה ה׳.

כג ח) צפונה – מלא (מ״ש), וכן בס״מ. ט) עָבְדוּ – נסו״א. טו) לָכֵן – בגרשים ע״פ המס׳. זה נמנה בכלל י״ד בטעמא. כה־אָמַר – בקדמא. לא) הנביאם – כן בקיטל, ונמסר עליו „ג׳ כ״כ״. ושני חבריו הם, בש״א יט, כד׳ ושם כח, ו׳. לט) ואת־הָעִיר אשר – בפשטא וקדמא בס״מ.

כה ז) הכעסוני – היה ראוי להיות „הכעוכני״ ע״פ מערכת המסה״ג וע״פ מס׳ או״א סי׳ פ״א, שנמנה בין „דכתיבן ו׳ וקרינן י׳״, כמו שהבינו הרוו״ה והח׳ פ״ד. ואלו היתה הו׳ אחר הס׳, לא היה ראוי למסור עליו, אלא „יתיר ו׳״, ולא „דכתיבן ו׳ וקרינן י׳״, אחר שאין באן מקום לי׳ בלל, ואינו דומה למלת יכסימו.

(תהלים קר, ו') שהיא מנחי הל', ואפשר בדרך זר שתהיה מלאה י', שהיא באמת שרשית (כסה=כסו=כסי), ומופיעה לפעמים גם בקריאה (שמות טו, ה'). אך מה נעשה, אחר שבכל הספרים כתוב „הכעסוני". ולא נוכל לשבשם כלם. ואפשר לבאר את הכתיב שהבינו „למען" מופסק וחחר למעלה, וענינו: להמרות, כמו: למען איבי (תהלים סט, יט'), ומלת הכעסוני, קראו: הַכְעִסוּנִי, צווי התולי, השוה: קהלת יב, א'. יא) לשמה – ולא „ולשמה", שכן נמסר עליו „ב', ר"ל: ב' דסמיכי „לחרבה לשמה", זה וחברו בפסוק י"ח. וכן במק"נ, בב"ב ובקיטל ובבו"ר. ובדבר תמיהת רשד"ל (בכרם חמר ט' 13) על הטעמת זקף וטפחא כאן למרות זעירות המלים האחרונות. נ"ל שחסרון ו"החבור הוא הגורם הפסק. השוה: ובונָה וְאָרֶן וְאֹצֶם אֲחִיָּה (דה"א ב, כ"ה) ואלו נאמר: „ואחיה", אז היה מוטעם: ובונָה וְאֹרֶן וְאֹצֶם וַאחִיָּה. כ) וכן: נ, לז) הָעֵרֶב – בצירי. כן בבו"ר ע"פ כ"י ובהוכחה מן המס'. כו) הקרבים – חסר בכל הספרים בהתאם למס"ק המחסרת את זה וממלאה את של דה"א יב, מ', ונגד המס"נ שמסרה להפך ביחזקאל כג, ה'. כז) וקיו – נוסח „וקוו כתיב" באו"א סי' קפ"ד. וכן בככה כ"י ובבו"ד. לו) וְיִלְלַת – כצ"ל כשיטת בן אשר (בו"ר).

**כו** ז) אֶת־יִרְמְיָהוּ – במתג תקף בס"מ. יג) וִינָּחֶם ה' – במונח חקף בס"מ. כא) יהויקים – מלא בס"מ, והמס"ק שבוש דמוכח. שהרי נמסר בג' מקומות: „ב' חסר". החסרים הם כז, א' ונב, ב'. כג) ויוציאו – מ"דם ע"פ המס'.

**כז** ז) נדלים – כצ"ל חסר, שהרי לא נמנה בין ו' מלאים במס"נ. וכן חסר במק"נ, בב"ב ובקיטל. ט) ואל חלמֹתיכם – כן מוטעם בס"מ, ונכון. טו) והנבאים – כצ"ל חסר ע"פ המס' דספרא סי' ב"נ. יט) המכנות – חסר ו' קדמאה בכל ס"מ. כ) בנלותו – הנ' רפה. כ) יכָוניה – כן בכל ס"מ. ובו"ד הדפיסו יְכָוְנְיָה כתיב וקרי נגד כל הספרים, ונמוקם, לפי שלא נמנה במס' בין „יתרין ו' וחטפין קמץ" ועוד שנמנה בין שמות עצם פרטיים הנמצאים רק פעם אחת בחולם מלא (בלשונם: Mas. enumerat vocabulum inter nomina propria, quae semel occurrunt cum cholem plene scripto). ואיני רואה כזו הוכחה כלל. שאני אומר סע"כ לא נמנה בין יתרים ו' וחטפין קמץ, לפי שהונח לקבוצה האחרת למנותו בין שמות העצם שהם מלאים רק פעם אחת במקרא, וכן דרך המסרה. ובמח"כ מסרו לשון המס' שלא כצורתה, שכן לשונה: „הלין שמהת נברי נסבין ו' באמצעות תיבותא וכל חד וחד לית ליה זונא", ולא נזכר כלל חולם או שום תנועה, והרי נמנה שם בוני (נחמיה יא, ט"ו) שהוא בשורק. וכן נמנה יכתיה, שנמצא רק פעם אחת בו' יתרה אחר הקמץ, ולא נמנו תוקהת, ורוהנה (דה"א ז, ל"ד ודה"ב לד, כ"ב), לפי שאלה אינם נמצאים בכלל רק פעם אחת, ונרשם עליהם „לית", ע"כ אינם שיכים לקבוצה זו. ועוד נ"ל להוכיח, שאם כדבריהם שהמס' קראה: „יכוֹניה" הלא הי"ל למנותו בין „אלין מלין מלאין ו' ולית רכותהון", וזו ראיה מכריעה שאין אחריה תשובה. כא) על־הכלים – ברביע ולא בזקף. כן בכל הספרים (חוץ מלטרים), וכנראה בא כן, כדי להבדיל בין כלי קדש לכלי חול.

**כט** ג) בבָלה – במרכא. השוה פסוק כ"ח. למלת „לאמר" יש חוקים מיוחדים בנוגע להטעמתה ע"פ קשורה במשפט (ר' כ"ח ט' צד 14). י) כִּי לְפִי – בתלג ונרשים, שהרי אין לך תל"ק שאין אחריה קדמא, וכן בס"מ.

**ל** א) אשֶׁר – במונח בס"מ. יא) אשֶׁר – בדרנא ולא במונח. טז) לכֵן – בנרשים ע"פ המס' דספרא סי' ז'. יח) ומשכנתיו – חסר בס"ם, ובאיוב לט, ו' מלא, וכן בקיטל בהסכם למס' „ב' חד חסר וחד מלא", ובהפך כבו"ד.

**לא** ז) וילדת – חסר (מ"ש). יא) יוסיפו – מלא דמלא כפי המס"נ דמשלי, אבל דמלכים משובשת. כז) לנתוש ולנתוץ – מלאים בכל הספרים, ובקיטל נמס' עליהם „ג' מלאים", ובמק"נ המס"ק משובשת. לז) חננאֵל שַׁעַר – כן בב"ב ובקיטל ובבו"ר (ר' מ"ש). אבל לפני הרד"ק היה „עד שער" (ר' פירושו בזכריה י"ד).

**לב** ז) בַּעֲנָתוֹת – בפתח כלהלן בס"מ. ט) בענתות – מלא ע"פ המס' דמ"א כ, כ"ו. יב) הכתבים – העירותי על נוסח „הכתֻבים" (ר' מ"ש). לא) אשֶׁר – במונח בס"מ. לב) על־ – בתל"ק בס"מ. לג) אשר־נקרא־שמי – שלשתן מוקפות בס"מ. מב) אנֹכִי – הנרשים נכון לפי הנתוח, ובבו"ד רביע והוא שבוש.

**לג** ב) ה' שמו – בלי פסיק (מ"ש). ג) ובצרות – נ"א ונצרות (ר' מ"ש). ה) אשר־הִכֵּיתִי באפִּי – כן מוטעם במק"נ, בב"ב ובקיטל. ו) ורפאתים – מלא (מ"ש). י) במָקום־הזה – המתג במ' כשיטת בן אשר.

**לד** ה) ובמשרפות – נוסח וכמשרפות נמצא בכמה כ"י, וכן הוא בקיטל. יא) וַיִּכְבִּישׁוּם – במתג וזקף בס"מ.

**לה** יא) נבוכדראצַר – במרכא לסבת המתג שאחריו. טו) הנבאים – חסר ע"פ המס' דסימן כ"ו בספרא שנמנו ח' מלאים בירמיה ואחר מהם ואשלח בתראה, והוא של מר, ר', והוחלף בטעות עם זה. יז) ישבי – למערבאי חסר. וכן ברוב כ"י וד"י. והנה במערכת המס"נ נמסר יושבי ל"ד מלאים. אך בפרטם יש ערבוב והשמטה כמו שהעיד הח' פ"ד, ואחר העיון והברור הם אלה (יהושע טו, ס"ג; שופטים א, י"א; שם א, כ"ז; עוד שם; שם א, ל'; עוד שם; שם א, ל"א; שם כא, ט'; שם כא, י'; שם כא, י"ב; ש"א ו, כ"א; ירמיה ח, א'; שם י, י"ח; שם יח, י"א; שם כא, ו'; שם נ, כ"א; שם נא, כ"ד; יחזקאל לב, ט"ו; ישעיה לח, י"א; יואל א, ב'; עמוס ט, ה'; נחום א, ה'; צפניה א, ד'; זכריה ח, כ"א; תהלים פד, ה'; שם קז, ל"ד; דה"א ח, י"נ; עוד שם; דה"ב כב, א'; שם לד, ל"ב; ושם לה, י"ח). ומנינם עולה רק ל"א. ונראה בעליל שנשמט זה של הושע ד, א', שהרי נמנה ביניהם „שמעו דבר ה' דההיתה בימיכם" ואינו אלא ערבוב של שני פסוקים יחד, וצ"ל: „שמעו דבר ה' דהושע, שמעו זאת הזקנים דההיתה בימיכם", ונמצאו ל"ב. וע"כ הוסיף פ"ד גם אותו דירמיה לה, י"ז ודדה"ב לא, ד', אבל דירמיה, כאמור מלא רק למדנחאי (ונראה שלזה כיון הרושם במס"ק ז' בספרא, אם אינו ט"ס וצ"ל ו' בספרא). ודדה"ב לא, ר', – איני יודע מדוע בחר דוקא בזה, ולא באחרים עוד בד"ה שהם מלאים בכמה ספרים, והם ביושבי שעיר (דה"ב כ, כ"ג) ליושבי גבע (דה"א ח, ו'), ויושבי ירושלם (דה"ב לב, כ"ו). ובאמת מאחר שלא נמצא רשימת מס"ק בכל אלה המזכרים מד"ה כי אם בשל דה"א ח, ו' ובשל דה"ב לב, כ"ו, ראוי להחליט שהם הם הנשמטים במס', ועמהם נשלם מנין ל"ד.

**לו** א) הרבעית – כצ"ל ע"פ המס' דיחזקאל מ"ח. יג) מכיהו – כצ"ל. חסר ע"פ המס'. טו) שֵׁב נָא – במונח חקף בס"מ. כה) לבלתִי שרֹף – במרכא וטפחא. כן במק"נ, בב"ב ובקיטל, ונכון. כט) בָּא־יָבוֹא מֶלֶךְ־בבל – כן מוטעם במק"נ, בב"ב ובקיטל ובבו"ד ונכון לפי הנתוח.

**לז** ה) וַיֵּעָלוּ – כן בס"מ. ט) כי־לֹא – כן ברוב כ"י. יז) בְּיַד מֶלֶךְ־בָּבֶל – כן בס"מ.

**לט** ג) נבו – בחולם בס"מ. ה) ירְחו – הר' בחירק ע"פ המס' (בו"ד). ח) חמות – כצ"ל ע"פ המס' כפי שהובאה בשלמותה במחברת המסה"נ בשם הרוו"ה.

**מ** י) ושבו בעריכֶם – כן במק"נ. בב"ב ובקיטל ובבו"ד, ונכון. יא) נתַן מֶלֶךְ־ – בלי פסיק. טו) נפש – ברוב כ"י הנ' רפה, ואולי בא כן לפי שהמלה קשורה יותר לשלפניה משלאחריה, כי ע"כ לפניה דרגא ולא לנרמיה.

**מא** ב) את־נדליהו – הטעם על הי' לבר לפי שהוא קדמא. יב) הָאנשים – במונח וזקף בס"מ.

**מב** ב) מהרבָּה – בסגל בס"מ, והעירותי עליו. ח) ולכָל־העָם למקטָן – כן בקיטל ובב"ב ובבו"ר, ונכון.

**מג** יב) ועטה את־ארץ מצרים – כן מוטעם בכל הספרים כלם ובו"ד הטעימו ע"פ כ"י אחר ועטָה | את־אֶרֶץ מצרים, וההטעמה ההיא באמת מתאימה עם הנתוח כפי הבאור הרגיל, אך נ"ל שהטעמים שלפנינו מכֻונים לבאור אחר לנמרי. והוא שפעל „ועטה" יוצא לשני פעולים, ע"ר: ותגרת

אתם אבנט (שמות כט, ט׳). ור״ל כמו שדרך הרועה לעטות טלאיו לשמור את צמרם ליום המזה, כן יעטה הוא את ארץ מצרים את בגדו, כלומר; כל רכוש הארץ יאסוף לו, ולא יותיר דבר.

מד ד) תעשׂו – ברביע. כן בקיטל ובב״ב. ונכון. ח) גוֹי – כצ״ל ע״פ המס׳ דירמיה לג, ט׳, וכן בבו״ד ע״פ כמה כ״י. יב) לשמה – ס״א ולשמה, וכפסוק כב) ולשמה – ס״א לשמה (ר׳ מ״ש). יב) ותמו – מלעיל בכל הספרים כלם. ובו״ד הטעיטוה מלרע לפי שכן מנהג הכפולים ברבוי העבר וביחוד עם ו׳ההפוך, ואע״פ שראיתם סן ותמוֹ (פסוק כ״ז) אינה כלום. שכן דרך התל״ק לבוא לעולם באות האחרונה, הנה ראיתם מן וקלוּ ותדוֹ (חבקוק א, ח׳), ותתּוּ (עבדיה ט׳), ורבו (תהלים לח, כ׳), חזקה היא באמת. ובכ״ז נ״ל שכאן צ״ל מלעיל מדין נסו״א למקום הטעם בעצם אע״פ שהברתו סגורה, ע״ד למה זה, וזבחת פסח, כידוע. יג) בחרב ברעב – כן בס״מ. יז) יח) יט) כה) למלכת – השמטתי את ההערה „חסר א׳״ לפי שאין זה ברור, ולהפך הדעת נותנת שהוא סמיכות מן מלכה כפי׳ כל הספרשים והמתרגמים. כז) אשר בארץ – כן כמק״נ ובב״ב ובקיטל, ונכון.

מה ד) הארץ* היא – כן למערבאי בלא מלת „לי״. וכן במק״נ, בב״ב ובקיטל ובברד. ויפה תרגמה יהואש ע״ה „און אזוי איז דאס אין גאנצן לאנד״. וכונתו, שמלת „היא״ נושא סתמי, ועולה על ההריסה והנתיצה הנזכרת.

מו יב) יחדיו – זה אחד מן ג׳ מלאים ע״פ המס׳. יח) וככרמל בים – בטפחא ומרכא בכל הספרים, ולא להפך כמו שהטעימו בו״ד, וכן מוכיחים הטעמים שלפני אלה, שנושא „יבוא״: „כרמל״, ולא „פרעה״, שאלו היה כן, היה מוטעם: כי כתבור בהרים וככרמל בים (ור׳ רד״ק). כח) שמה – הש׳ רפה (ר׳ למעלה מ, ט״ו).

מז ב) שוטף – מוקף. ד) כפתור – מלא בכל הספרים. וע״כ אפשר שהמס״ק בעמוס ט, א׳ שמסרה „ב׳ מלאים״, ר״ל שאותו דפסוק ז׳ שם חסר, שכן נמצא במקצת כ״י, או שהיא משובשת, וצ״ל „ג׳ מלאים״.

מח ג) מחרנים – בכ״י ובנדפסים מתחלפים הנוסחאות במלה זו בין מלא וחסר, וממס״ק לפסוק ל״ד אין הוכחה, לפי שנראה שצ״ל „ל׳ וחסר״, ור״ל, שלא נמצא יותר כניב הזה „ער חרנים״ והוא חסר. יח) שדד – חסר ע״פ מס״נ דישעיה כ״א, וכן בב״ב ובקיטל ובמס״ק דכאן מבוש. כ) הילילי – מלא דמלא ברוב הס׳. מה) סיחון – מלא ע״פ המס׳, וכן בכסה ס״מ.

מט כ) אם־לא ישים – במרכא בס״מ. לה) שבר – כל „שבר״ שבמקרא חסר.

נ ה) דרך הנה – בו״ד הטעימו דרך הנה ע״פ כ״י אחד, ואין צרך, לפי שכונת הטעמים שלפנינו היא: הדרך שאליו מגמתם מאז. ז) מוצאיהם – מ״ם ברוב מכריע של כתבי יד וכן בב״ב ובקיטל. יא) כאבירים – מלא דמלא למערבאי, וכן ברוב ס״מ (ר׳ מ״ש). טז) לארצו – ס״א אל ארצו (מ״ש).

נא ד) בחוצותיה – מלא דמלא ברוב הס׳. ואינו נגד מס׳ במדבר כ״ג: „וכל ירמיה כ״כ חצות״, לפי שכונת המס׳ על השם בלבד בלי כנויים. ט) רפּאנו – העידותי „רפינו קרי״, וכן באה „נרפתה״ ע״ד בעלי ל״ה. יא) מלאו – הל׳ רפה, והוא צווי מן הקל. טז) ברקים למטר – במהפך ופשטא בכל ס״מ, ונכון. כז) גוים – כן בכל הספרים. ונוסח „מלחמה״ שבהערת לטריס, לא מצאתי. ואשכנז – פתח באתנח בס״מ. מו) ומשל – בו׳ השמוש למערבאי (מ״ש). וכן בקיטל ובבו״ד. נז) ונבוריה – מלא ו׳ (מ״ש).

נב ג) היתה בירושלם – ובמלכים ב׳ כד, כ׳: היתה בירושלם. סבת השנוי, לפי ששם נאמר „וביהודה״, ור״ל חטאת המושלים שבעיר הבירה וחטאת העם שסביב, וכאן הוא קורא לכל הממלכה בכלל „ירושלם ויהודה״. ח) ירחו – בחירק (בו״ד). כג) כל־הרמונים – מלא ע״פ המס׳ דשמות כח, ל״ג. כה) אשר נמצאו – כן במק״נ, בקיטל ובב״ב. ל) הגלה – כן בקיטל ובבו״ד ע״פ כ״י ונכון (השוה פסוק ט״ו). לב) ממעל – ברביע ולא בזקף בס״מ.

סכום הפסוקים של ירמיהו: אלף ושלש מאות וששים וארבעה, כצ״ל. ונתתי סי׳ אש ללבב ע״ש שנאמר בו: והיה בלבי כאש בערת (כ, ט׳).

# יחזקאל

א א) על־נהר – וכן מוטעם גם להלן י, כ׳, כ״ב, ומג, ג׳, ובשאר מקומות המלה מוקפת: על־נהר־כבר, ויש ספרים המקיפים אותה בכ״מ. ונראה נמוקם של הראשונים, שרק בהתחלת ענין ובסוף ענין הטעימוה לשם ברור, ובאמצע ענין הקיפוה. ב) החמישית – מלא דמלא ע״פ המס׳ (ר׳ פ״ד). ט) אחותה – יש הרבה כ״י המנסחים את זה ואת של פסוק כ״ג: אחתה, ואין ע״ז רמז במס׳, ובקיטל מלאים. יא) וכנפיהם פרדות – כן בס״מ. חברות – כצ״ל ולא מלא דמלא. שכן נמצא ברוב ספרי דפוס, וכן הוא במספר רב מאד של כ״י, וכן בקיטל. ואף זו כונת המס׳ דשמות כ״ו: כולן כ״כ בר מן תנינא דיחזקאל״, שכולן חסר דחסר וזה מלא ו׳ תנינא. טז) ומעשיהם – הראשון המ׳ בו במתג, והשני במונח.

ב ב) ותעמדני – חסר י׳ ע״פ המס׳, שכן זה נמנה בין „ג׳ חסרין בלישניהון״. ח) שמע – בפשטא ולא בקדמא בס״מ, וכן ראוי ע״פ הנתוח. את אשר־אני – כן בכל הספרים, ולא „את אשר אני (כבנ״ר), והוא כדי להשוות מרת ההטעמה לשל ראש הפסוק: את אשר־אני, ושם לא היה אפשר באפן אחר.

ג ג) אלי – ברביע, כלמעלה ב, ג׳. רביע זה כחו גדול, לפי שאחריו ב׳ פשטין מתרדפין. יא) ולך – בקדמא ולא ברביע כהטעמת בו״ר, שכן ב׳ הצוויים מחוברים יחד בכל המקומות (ר׳ למעלה פסוקי א׳ וד׳, ולהלן כ״ב: „קום צא״). כד) ותעמידני – זה מלא, שכן נמסר על החסר: „קדמא דספרא״.

ד ג) והכינתה – הטעם מלרע משום ו׳־ההפוך (ודלא כמ״ש). ד) ואתה – במהפך, ולא ברביע (כבו״ר), השוה פסוקי ג׳ וט׳. ח) מצוריך – מלא (ר׳ מ״ש), ובכמה ספרים חסר. יב) תעננה – הנ׳ והנ׳ רפויות (רד״ק ומ״ש).

ה ז) יען – במהפך ולא ביתיב. ט) יא) תועבתיך – אלה שנים מחמשה חסרי ו׳ תנינא ע״פ המס׳. והשאר בסי׳ ט״ז. יב) והשלשית בחרב – כצ״ל חסר י׳ קדמאה, אבל „והשלישית לכל רוח״ מן ט׳ המלאים שנמסרו בבמדבר ט״ו. יג) והנחותי – כצ״ל ע״פ המס׳ דשמות לג, ט״ו, כפי שנתקנה ע״י הרוו״ה ז״ל (ר׳ מערכת המסה״נ ערך נוח).

ו ג) ולגאות – בלי י׳ (מ״ש). יא) תועבות – זה אחד מן השנים בסמיכות הרבוי שהם מלא דמלא ע״פ המס׳. וחברו בדה״ב לג, ב׳.

ז ה) אחת – „נ״א אחר״. כן נמצא במקצת כ״י ור״י. יא) החמס – יש ספרים בפסיק, אבל נראה שבוש, לפי שאין כאן ענין נגרס לו (ר׳ משה״ט דף ל״א). יב) והמכר, וכן יג) המכר – חסרים ו׳ ע״פ המס׳ דנחמיה י, ל״ב. כ) תועבתם – מלא ו׳ קדמאה וחסר תנינא. ובמס״ק: „ג׳ כ״כ״ (להלן ל״ג, כ״ט, ומס״ק דכאן שבוש), והשלישי להם בדברים כ, י״ח. כה) קפרה־בא – הב׳ רפה (ס״ש ובו״ד), לפי שאין כאן דין דחיק לחדגיש, מאחר שהמאיילא באה במקום מתג ארעי, ר״ל: שאינו בעצם אלו לא הוקפה המלה (ר׳ בו״ר בהערה לדניאל ד, ט׳). כז) אתם – במערכת המס׳ נמסר כה׳ חסרים בספרא, ואולם המס׳ משובשת לאין מרפא, כי רבה מאד המבוכה הנופלת בה כן מצד מנין הפסוקים והשואת סכום הפרטים אל הכלל, כן מצד קשי זהותם, וכן מצד סתירת

הכבשים מן האיל בהכפלת מלת „תמימם", שהרי היה יכול לומר: „ששה כבשים ואיל אחד תמימם", וע"ב הוטעם „השבת" ברביע שאין כח הפסקו מתפשט אלא עד הטפחא. והשוה פסוק ו' שהופסק „תמימם" באתנח, והוטעם „החדש" בזקף, שאין כחו מתפשט אלא על האבר האתנחי בלבד. כב) מקצעות – מלא ו' תנינא ברוב כ"י.

מז ב) ויוצאני – חסר י' (מ"ש). ג) אֶפסים – הא' קמוצה (מ"ש). ו) וישבגי שפת – (מ"ש). וכן בב"ב ובקיטל ובב"וד. ח) יוצאים – ברביע בס"מ ובהתאם לנתוח. הגלילה – מלרע, לפי שהה' סמן הנקבה, ולא למנסה. יא) ולא ירפאו – יש כ"י: „לא ידפאו" בלי ו' "החבור, וכן הדפיסו בו"ד, אך נמצאת ברוב הספרים וכ"י, וכן מצא רש"י ז"ל. ודוגמת סגנון זה: ידיהם ולא ימישון וכו' (תהלים קטו, ז'). יג) נֵה – בכל הספרים בצירי. ובמס"ק: „לית כתיב ה'", ור"ל, לעולם במקרא: „נֵי" (כיהושע טו, ח'), או: „נֵיא" (כישעיה כב, א'), מלבד זה: „נֵה".

מח ח) י) בתוכו – בו', ובפסוקי ט"ו, כ"א, בה' ע"פ המס'. כג) קדימה – זה מלא, וג' החסרים ע"פ המס' הם דפסוקי ד', ה', כ"ז, והערת המס"ק אינה במקומה (מ"ש).

# תרי־עשר

## הושע

ב א) אשר יאמַר – כן מוטעם בב"ב, ובק"הנ הובא כן מרוב גדול של כ"י, וכן בב"וד. ז) הבישה – חסר ו'. ברי"ש יואל „הגפן הובישה" נמסר במס"ק: „ל' מלא". וכן חסר בכל ס"מ. יג) והשמתי – ברביע וממילא נ' "נפנה דגושה. כן בב"ב ובקיטל ובב"וד. וכו דורש הנתוח, לפי שהגפן והתאנה אתנה אחת. יז) שמה – הש' דגושה מדין אתי מרחיק. וכיום עלותה מארץ – כן מוטעם ברוב כ"י וס"מ. יח) ולא־תקראי־לי – במרכא - כן ברוב הספרים. ובמקצתם ולא־תקראי לי, ונ"ל שאלו היה כן, היו הטעמים נהפכים לדרגא ומרכא כפולה, ואין כאן המקום להאריך. וגם יש ספרים המטעימים ולְא־תקראי־לי (ר' הערתי לבמדבר כה, י"ח), והם בטלים במעוטם. בעלי – הע' בשוא פשוט (מ"ש). יט) והסרתי – כצ"ל חסר, שכן הוא בכל ס"י בעדות ב"וד, וכן הוא בב"ב ובקיטל. ובמ"ש כאן יש הערה מוסגרת מיד מגיה מאוחר שעשה את זה מלא מתוך השערתו שהוא חברו של אותו דתהלים פ"א שנמסר עליו „ב' מלאים", והנה שכח אותו דדה"א יז, י"נ שגם שם נמסר „ב' מלאים", ונמצא זה חסר. כה) והוא יאמַר – כן מוטעם בב"וד ע"פ כ"י, ונכון לפי הנתוח.

ג א) אהֻב – בסונח. כן בב"וד ע"פ כ"י, ונכון.

ד א) יושבי – מלא ע"פ המס' (ר' הערתי לירמיה לה, י"ז). ד) ואל־יוכח – כן בב"וד ובכ"י אחדים שהובאו בק"הנ. נסו"א והכ' בהעמדה (משום חשש הבלעת א"איש). אך בדבר מה שנסתיעו מן המס' שמסרה עליו „ל' בטעם". נ"ל שאין כונת המס' בלל על טעם הנגינה, אלא על טעם הענין והמובן, ר"ל שזה לבדו מענין תוכחה על חטא, אבל שני חבריו דאיוב טז, כ"א, ודדה"א יב, י"ז הם מענין הוכחה וגלוי דעת. ודוגמת זה במס"נ ש"א כז, ו' „לכן נ' בטעם" (ר' פ"ד בערכו). ו) ואמאסאך – הו' בשוא (מ"ש). וכן בקיטל ובב"וד. יא) ויין – כן ברוב הספרים, אבל יש כ"י מנסחים „יין", וכן הדפיסו ב"וד (ור' סדעי). וכן היה לפני הראב"ע ז"ל, שכ' „בחסרון ווין כמו שמש ירח עמד זבלה". ור"ל שיתבאר כאלו נכתב „חנות ויין וכו'". ומפרשו „בני רשף" שבשו בחנם, ולא אסר כלום.

ו ב) יחינו – כן בב"ב וברוב מכריע של כ"י בק"הנ, וכן בקיטל ובב"וד. ט) וכחכי־איש – בגרשים. כן בב"וד ע"פ כ"י. ונכון. ירצחו־שכמה – במקף לבן אשר (ב"וד). וכן ברוב כ"י.

ז ד) מְנָאפים – בקמץ ברוב הספרים. בערה – בכל הספרים חסר, וכן במס"ק „ל' חסר ומלעיל". ולהפך „ישבות" מלא בכל הס', וב"וד הלכו בשניהם אחר מעוט שבמעוט המחולפים בהם. טז) לעגם – הג' דגושה (מ"ש).

ח ה) נקין – במס"ק „ל' וחסר", וכן ברוב ספרי רפוס. אע"פ שברוב כ"י: „נקיון" מלא. י) מעט – המ' דגושה (מ"ש). יג) ויאכלו – הו' בפתח ע"פ המס' דמ"ב ד, מ"א שמסרה רק נ' רפין, ואולם יש מקצת כ"י המנסחים ויאכלו, וכנראה היתה כן נוסחת רש"י ז"ל, וכן הוא בתרגום יהואש ע"ה. ואולי יתכן הבאור הזה אף בקריאת הו' בפתח, לפי שיש ו' ההפוך הנופלת על עבר תלוי, כמו: וימת תחתיו (ירמיה לח, ט') (ר' רש"י שם), ואף כאן: אלו זבחום להם בתור בשר אז היו אוכלים עכ"פ, אבל כשהקריבום לפני ואני לא רציתים, הנה הכל נפסד לריק. יזכר – חסר ו' ע"פ המס' שכן נמסר על חברו (ט, ט') „ל' מלא". וכן חסר בכל ס"מ. יד) ושלחתי־אֵש – כן מוטעם ברוב כ"י וד"י.

ט ו) קמוש – חסר י' והמ' דגושה ברוב כ"י וד"י. ח) צפה – חסר ו' ע"פ המס' שמסרה לנו בתהלים לז, ל"ב: „ב' מל' פני דמשק", ומזה שהשאר חסרים. וכן בב"ב. וכן נמצא ברוב גדול של כ"י. וכן בקיטל ובב"וד. יג) הרַג – במק"נ נמסר על זה וכן על אותו דיחזקאל בא, ט"ז: „ל' מלא", וברור שאחד מהם ט"ס. ובקיטל נמסר כן רק ביחזקאל, וזה כא בו חסר. וכן בב"ב ובב"וד.

י א) בוקק – מלא בכל הספרים וכ"י, ואין לחוש לכ"י אחד ולעשותו חסר כמו שעשו ב"וד. ט) חָטָאתָ – כן בכל הספרים חוץ מן נ' כ"י שנמצא בהם חָטָאת, וכן היתה נוסחת רש"י ז"ל. וכן הדפיסו ב"וד, ונסתיעו מן המס' שמסרה עליו „לית", ואלו „חָטָאתָ" נמצא לו חבר באיוב לה, ו'. ואיני רואה הוכחה ממס' זו, לפי שציון העגול בא בין המלים, וכונת המס' שהניב הזה: „חטאתָ ישראל" לא נמצא יותר. יד) שַׁלְמַן – בכ"י רבים הש' בפתח וכן בספרי דפוס, והש' בפתח בכל הספרים כ"י ודפוסים ישנים כלם (חוץ מכ"י אחד שנמצא בו הש' קמוצה) וברובם הש' גם במתג, ששמושו לעכב טמיעת אות באות כמתג של ת"־תַּדְשֵׁא (בראשית א, י"א), (ר' הרקמה דפוס פראנקפורט צד 142). ונ"ל עוד שהמתג הזה הוא הגורם לעשות משרתו דרגא, אע"פ שלא נעלם ממני שהוא אחד מי"ב יוצאים מן הכלל (משה"ט דף כ"ח). ואין כאן המקום להאריך. ארבאל – יש מנסחים: ארבְּאל בב' רפה, ואין לשנות ולהוציא את הנוסח מחזקתו בספרינו, במה שלא נתברר מן המס', ולא מהכרעת רוב הספרים.

יא י) כי־הוא ישאַג – בכ"י וד"י רבים נמצא ישאָג בקמץ, וכן הדפיסו ב"וד ואמרו להסתיע מן המס' ומן הרד"ק במכלול, ואני רואה הוכחה מן המס' להפך, ז' א' שצ"ל ישאַג בפתח, והוא שבירמיה כה, ל': ה' ממרום ישאַג וכו' שאג ישאַג, נמסר על הראשון „ל'" ועל השני „פתח". ועוד שבמס' או"א סי' כ"א „מן חד וחד קמץ ולית" נמנה ישאָג הראשון דירמיה. מכל זה יוצא ברור שזה צ"ל בפתח ע"פ המס'.

יב ב) אפרים – ברביע. כן בב"ב, וכן בק"הנ מרוב כ"י, וכן בב"וד. ט) לא־ימצאו־לי עון – כן בב"וד ע"פ כ"י בהתאם עם הנתוח.

יג טו) אַחִ֫ים – בב״וד הֵעִירוּ שרש״י וראב״ע ז״ל קראו אָחִים בקמץ, בראיה מכה שמרוהו מן אָחוּ. וטעות היא ביד המעירים, שהרי „אחו״ מלעיל, והטעם הוא המקיים לעולם את התנועה הרחבה בלי הבדל מפאת תכונת ההברה אם סגירה היא ואם פתוחה, כמו קַצֵה (נחום ג, ט׳), שרבויו קְצִים (קְצִין). וכבר באר הח׳ הרדד כן „על פני כל אחיו נפל״ (בראשית כה, י״ח), ולא נתקל כלל בשנוי הנקוד. ועוד שהרי הוסיף רש״י ז״ל בפירושו: „ר״א וכו׳ זה ירבעם שהפריא אחוותן של ישראל״, וא״כ ברור שקריאת המלה לא נשתנתה לו מקריאתה בכ״ם.

# יוֹאל

א ה) והילילו – כן בקיטל ובב״וד ובכמה כ״י. יא) שערה – חסר בב״ב וברוב מכריע של כ״י בק״הנ. וכן בקיטל ובב״ור.

ב יג) ונִחָם – בקמץ כדין הבינוני, ואין צרך להעיר עליו. טז) מֵחֻדְרו – ובס״א: מֵחַדְרו. וב״ור הדפיסו כן ע״פ הוכחה דקדוקית ממה שמצאנו הח׳ פתוחה בנטיה המנמתית ובסמיכות הרבוי: הַחֲדָרָה, חַדְרֵי, ואולם אינה הוכחה חזקה שלא תהיה אחריה תשובה, כי אם אמנם זה מנהג משקל פֹּעֶל לקיים לעולם את החירק הבא במקום צירי בהשמטת הטעם, ובכללו הסגל בגרונית, כמו מן חֵפֶץ: חֶפְצִי, חֶפְצְךָ, ומן הרבוי חֲפָצִים יאמר בסמיכות: חֶפְצֵי (שמים) ובכנוי: חֶפְצֵיהֶם, מי יאמר שכן גם מנהג משקל פֹּעֶל? אולי במשקל זה דין השמות בעלי פ גרונית (אותם שעיקרם פֹּעֶל) לקיים את הסגל כשהוא סמוך לטעם (ובדבר זה הוא שוה למשקל פַּעַל: עֶדֶר – עֶדְרוֹ), ולהחליפו בפתח כשהוא עצמו מוטעם: הַחֲדָרָה, או כשהוא רחוק מן הטעם (העיקרי)! חַדְרֵיהֶם, חַדְרֵי, שהמלה רהוטה אל טעם הסומך (ר׳ חלה״נ מאמר נ׳ הערה 4). כד) הַגֳּרָנוֹת – כן בס״מ.

ג א) ובנתיכם – יש ספרים: ובנותיכם מלא, וכן להלן ד, ח׳ והמס׳ שותקת. אך כנראה רוב הספרים מחסרים. בַּחוּרֵיכֶם חזינות – כן מוטעם בב״וד ע״פ כ״י, ונכון.

ד) הגּמול – הג׳ רפה. ב״וד ע״פ כ״י, ונכון. ז) אתם – חסר ו׳ ע״פ המס׳. טו) וכוכבים – מלא (מ״ש). וכן בכל ס״מ.

יט) דָם־ – בקמץ ומתג (ר׳ משה״ט ס״ה ע״ב).

# עמוס

א י) ארמנותיה – מלא (מ״ש).

ג ג) התפל – כצ״ל חסר. ושבוש בממ״ק, שהרי במס״נ נמסרו בבמדבר לד, ב׳ וביחזקאל כג, כ״ה: ח׳ מלאים, ואין זה מהם. וכן הוא חסר ברוב גדול של כ״י בק״הנ, וכן בקיטל ובבו״ד. י) האֹצְרים – במרכא ותביר (משה״ט דף כ״ו) יב) ובדמשק – ר׳ מ״ש.

ה יד) ה׳ אלהֵי – כן מוטעם בב״וד ע״פ כ״י וד״י. כה) הזבחים – הז׳ רפה בככה כ״י וד״י וכן בב״וד.

ו ב) כַּלְנֵה – במתג וצירי. כן בס״מ. גת־ – במקף כמעט בכל הספרים, ומטעיסיה בטלים במעוטם. ד) ערשותם – מלא בב״ב וברוב מסוים של כ״י, וכן בקיטל ובב״ור. יג) הלוא – מלא ע״פ המס׳, שכן נמס׳ למעלה ה, כ׳: „ל׳ חסר בספרא״. יד) ולחצוּ אתכם – במונח חקף. כן בככה כ״י, וכן בב״וד, ונכון.

ז יג) וּבֵית־אל – במקף ובמתג ולא במונח, שכן אין זה מן הג׳ שנמנו בבס׳ בראשית לה, נ״ז, המוטעמים מונח תקף, וכן במ״ם.

ח יג) הבתולת – חסר ו׳ הניגא. ז״ל מס״נ דתהלים (קמח, י״ב), כפי שהובאה במחברת המסה״נ להח׳ פ״ד כתוקנת ע״י הרווה״ה ז״ל: „כל דבתולת הבתולת ח״ו במ״ד מלא, וסי׳ רוממתי בתולות (ישעיה כג, ד׳), בתולות אחריה (תהלים מה, ט״ו), בחורים וגם בתולות (שם קמח, י״ב), וכל מגלת אסתר דכותיה מלא, ינובב בתולות (זכריה ט, י״ז), בתרי למדנחאי ולמערבאי בחד [ר״ל למדנחאי הוא מלא דמלא בתרי ווין, ולמערבאי בחד וו (הערת הרוו״ה)], נשים בציון ענו בתלת (איכה ה, י״א), חסר דחסר״. והעיר ע״ז הרוו״ה ז״ל: „והנה בכללם אמר במ״ד, ובפרטם לא מנה כי אם נ״ז לכן ברור שנשמט בו תתעלפנה הבתולות (עמוס ח, י״ג), שגם זה מלא דמלא בס״מ וכ״י״. עכ״ל הרוו״ה. אבל הממלאים מעטים הם, וגם נ״ל שתמיהתו של הרוו״ה ז״ל על המס׳ אינה תמיהה כלל, ואין כדאי לשבש מפני זה את המס׳ שהוא עצמו קרא לה „מסדה ברודה״. לפי שכלל כל מגלת אסתר נחשב לאחד במס׳. וכן דרך המס׳ בכמה מקומות, השוה: הושע ט, י׳: „וכל כתובים דכו׳ מלא. בר מן נ׳ חסרים, וסי׳ והנה עמנו (כצ״ל, ד׳ פ״ד בערכו), ויאמר להם שמעוני (דה״ב יג, י״ב, כט, ה׳), וכל עזרא דכו׳.״ (ור׳ הערתי לעזרא ח, א׳). וזה ברור. וכן הוא במק״נ ובקיטל ובב״וד.

ט ו) מעלותו – ברוב כ״י וד״י מלא ו׳. וכן במק״נ, בב״ב, בלטרים ובקיטל. הקרא – חסר ו׳, שכן אין זה בכלל י׳ מלאים שנמסרו במס׳ (ר׳ מ״ש). ט) ארץ – סבירין ארצה. זה אחד מן החמשה המגויים במס׳ דפ׳ וינש. יא) ההֹוא – ברוב הספרים מוטעם רביע אבל הזקף נכון לפי הנתוח. יג) בקצר – חסר. במערכת המס״נ נמנו ב׳ מלאים, ואין זה מהם. והערת המס״ק שבוש המאסף. ובקיטל כ׳ חסר בפנים, ולא נמסר בצדו „ל׳ מלא״ אלא על חורש בלבד. וכן בכמה כ״י. אשֶׁר – במונח בס״מ.

# עבדיה

א א) מאֵת הֹ׳ – כצ״ל במהפך ופשטא, ולא במונח ורביע, לפי שאין בין ב׳ הרביעים המרחק הדרוש (ר׳ במכתב רשד״ל הנספח לתו״א צד 63). וכן במק״נ ובקיטל. יא) עֲמָדְךָ – המ׳ במתג בעדות הרד״ק שלא כדין הפעלים שעתידם במשקל אפעֹל, ונראה ששמושו לתקנת בטוי הד׳ שלא תשמע ט׳ (ר׳ הערתי להושע י, י״ד). כ) הַחֵל־הזה – המתג בה׳ כשיטת בן אשר (מ״ש).

# יונה

א ג) לברוח – מלא ע״פ המס׳ כפי שנתקנה ע״י הח׳ פ״ד. וכן בב״וד. ז) גּורלוֹת – הג׳ דגושה מדין אתי מרחיק בסבת מתג. כן בכמה כ״י וכן בב״וד. יד) וכן ד, א) אָנָּה – הא׳ במתג ברוב ס״מ, ולא במונח, וכן נראה ע״פ המס׳ שנמס׳ „ו׳ מלין בטעם אזלא ומהפך בתבה אחת״ (פ׳ בהר), ולא נמס׳ „וחד מונח ומהפך״. ונמצא שאין בזה רק שנוי אחד מכל „אנא״ שבמקרא, מה שבאה בו ה׳ במקום א׳.

ב ג) לי – הל׳ רפה לפי שהמשרת נסוג להברה שאינה ראויה בעצם לטעם או למתג (תו״א צד 29). וכן בב״ור.

ג ז) אל־ירעוּ – בזקף לבד בס״מ.

ד י) ויֹאמר ה׳ – בזקף בקיטל, ונכון.

# מיכה

א א) אשֶׁר חזה – במונח וזקף. כן בכמה כ״י. וכן בב״וד ונכון. ב) הקשִׁיבי אֶרץ – במרכא וטפחא. כן בב״וד ע״פ כ״י, ונכון. מֵהיכל – הה׳ במתג בכל ס״מ כדין, ופליאה על בעל מ״ש. ז) ושמתִּי – במרכא בס״מ, ונכון, כי זה לא נמנה בין היוצאים (ר׳ משה״ט דף כ״ח). טו) עַד – ברביע (מ״ש). וכן ברוב מסוים של כ״י, ונכון. טז) כִּי נָלוּ – כן בכל כ״י וד״י, וכן בקיטל.

ב א) ופֹעלי – מלעיל (מ״ש). ב) ואִיש – כן ברוב כ״י בק״הנ, אבל במקצתם: „איש״, וכן בקיטל ובבו״ד (וד׳ מ״ש). ג) אֲשר – ברוב הספרים תל״ג, וכן נכון לפי הנתוח. י) בעבוּר – במרכא (כנ״ל א, ו׳). טְמאה – הט׳ במתג בכמה כ״י וכן הוא לפי פי׳ הראב״ע והרד״ק, אבל אין

המתג מכריח ודאי להחליט שהקמץ גדול (ר' ישעיה ל״ח י״ד כפי' הרד״ק, והערתי להושע י, י״ד), ואפשר שהוא מקור מָארךְ או שם כמו: טֻמְאָה. השוה להפך: קָרבָּן – קָרבָּן (נחמיה י, ל״א). ובשני כ״י נמצא: טֻמְאָה, ונראה שכן קרא רש״י ז״ל. יב) תהימנה – הנ' דפה (מ״ש).

ד יג) קֻומִי – יש ספרים: קוּמִי, אבל הנתוח וקמץ הו' של „נדושי" מלמדים על אמתות הנוסח שבפנים.

ה ה) נמרד – חסר, שכן בדה״א א, י' נמס' „ל' מלא" (ר' פ״ד). וכן בקיטל ובב״ור. וכִּי – במרכא. כן בקיטל, ונכון. בנבולנו – במקצת ספרים: בנבולינו, וכן כב״וד, וברובם כבפנים.

ו ג) עַמִּי – בז״נ. ד) הֶעֱלִתִיךָ – בכ״י רבים: העליתיך, אבל ע״פ המס': העלתיך. שכן נמסר עליו „ל' וכ״כ". והל' בחירק ככל הספרים. יג) חטאתך – חסר ו' וי' ע״פ מס' דירמיה כפי שהובאה בהערת פ״ד במחברת המסה״נ בערכו בשם הרוו״ה. וכן בקיטל, ונמסר עליו „ל' ח' ". וכן בב״וד.

ז א) כאספי – הפ' דגושה בס״מ. ג) שָׁאֵל – חסר בכ״מ. וכאן לא נמסר עליו כלום. וכן חסר בב״ב ובקיטל ובב״וד.

# נחום

א א) חֲזוֹן – ג״א חֲזוֹן" (ר' רש״י). י) אכלו – בז״נ. כן בב״וד ע״פ כ״י, ונכון.

ב ו) בהלֵוכתם – כן כתיב ע״פ מערכת המסה״נ ומס' או״א סי' פ״א. וכן בב״וד. יג) גרותיו – כן במק״נ, בב״ב ובקיטל.

# חבקוק

א ה) כִּי יספֵּר – במרכא וס״פ בס״מ. ו) למרחבי־ – במקף בכל הספרים.

ב ג) חכה־לו – הל' רפה בס״מ, שכן אין דחיק נוהג בצירי. ח) יְשָׁלוּךָ – הש' בקמץ (ת' קבוץ בא־כת חולם בהשמטת הטעם דוגמת: סָלוּהָ, ירמיה נ', כ״ו), ויש ספרים: יְשַׁלּוּךָ, הש' בפתח שלא כדין הכפולים. ומה שכתבו ב״ור שכן מאושר ע״פ פי' ראב״ע ורד״ק, איני רואה איך למדו כן מתוך פירושיהם. ט) בצע רָע – בקמץ ע״פ המס'. שכן לא נמנה במנין הפתוחים. מַכַּף־ – במקף בס״מ. טז) גם־אתָּה – מלרע, שכן לא נמנה זה בכלל הבאים מלעיל שלא באס״ף (ר' הערת פ״ד במחברת המסה״ג צד 228).

ג ו) הליכות – מלא דמלא ע״פ רוב הס' וע״פ המסה״נ כפי שהובאה מתוקנת במחברת המסה״נ בשם הרוו״ה. יז) יְנָדְּנוּ – חסר ע״פ המסה״נ דבראשית מט, י״ט, וכן בב״וד.

# צפניה

א טז) הבצרות – כן בס״מ, וכן נכון, שכן אינו בכלל „ו' משניין באתיהון" שנמנו במס'. יז) ולְחֻמם – המ' רפה בס״מ, לפי שהקבוץ אינו אלא שורק חסר. יח) ובאש – בפשטא בב״ב ובב״וד, וכן נכון, לפי שמלת הזקף כבירה.

ב א) וקושו – כן מלא והש' דגושה ברוב הספרים, ובמס״ק נמסר עליו „ל' ומלא". ב) כמוץ – הן אמנם ברוב כ״י נמצא: „כמץ" חסר, אך מלשון המסרה, כפי שהובאה במ״ש דתהלים א, ד', משמע שהוא מלא, וז״ל המס': „כמץ ב' דגושים וחסרים, וסי' ונבעות כמץ חשים, כי אם כמץ", ואלו היה גם זה שלפנינו חסר, אז כמה היה צ״ל: „כמץ ב' דגושים וכל לישנא חסרים", וע״כ הנחתיו מלא. ב) ג) אף־ה' – כלם במקף בס״מ. טו) ידו – נוסח „ראשו" המובא בלטריס אינו אלא בדותא של איזה מתקן.

ג א) מראה – חסר ו'. כן בב״ב ובקיטל ובב״וד. וכן ברוב מסוים של כ״י בק״הנ. ז) אמֹרתי – ברביע. כן בב״וד ע״פ כ״י, ונכון לפי הנתות. ח) לכן – הוספתי את ההערה בשולי הגליון מפאת חדושה. טו) רָע – בקמץ ע״פ המס', שכן אינו במנין הפתוחים.

# חגי

א יד) ואת־רוּח – בז״נ. כן בכמה כ״י, וכן בב״וד, ונכון לפי חקי ההטעמה.

ב י) אֶל־חגי – כן ברוב מסוים של כ״י, וכן בקיטל ובב״ב ובב״וד. ובמעוטם „ביד". יד) הָעם־הזה – המתג תחת הה' לשיטת בן אשר (מ״ש).

# זכריה

א ד) כאבתיכם – חסר בס״מ. ומעליליכם – כצ״ל מלא דמלא בכתיב, וכן בכל ס״מ. ח) שרקים – הק' דגושה בכל ס״מ. יג) נחמים – המ' רפה אחר שורק חסר, וכחברו, דישעיה נז, י״ח. יז) תפוצנה – הנ' רפה בס״מ.

ב ב) ואמֹר – ברביע לפי הנתות, וכן בס״מ.

ג ג) לָבֻש – כצ״ל חסר ע״פ המס' דיחזקאל ט, ב', שמסרה שני מלאים בנביאים ואין זה מהם. וכן בקיטל ובב״וד.

ד ד) מה־אלה – בס״מ במקף מפאת קרבת הטעמים.

ה ד) הוֹצאתִיה – הה' במתג ולא במונח, שהרי לפנינו (ז, י״ד) נמנו במס״נ „ה' מלין בטעם" (המונח בתבת הרביע) ואין זה מהן. ט) ולהֵנה כנפים ככנפֵי – כן מוטעם בב״וד ע״פ כ״י, ונכון לפי שהאתנח במלה כבירה.

ו ו) יצאים – חסר ו', אבל „היוצאים" דלהלן (ח) מלא, ע״פ המס' דיחזקאל יד, כ״ב. י) ומאת טוביה – כצ״ל בו' החבור (מ״ש). וכן בכל ס״מ.

ז ב) שראצר – השם הזה נמצא גם בישעיה לז, ל״ח, מ״ב יט, ל״ז, ובירמיה לט, נ' (ב״פ), וי״ג. ובכל המקומות נחלקו הספרים בנקוד הש', יש מימינים ויש משמאילים, וא״א להכריע, רק בלטרים דישעיה ומלכים בימנית והשאר בשמאלית וכן הנחתים בהוצאה זו. ג) הנביאים – מלא ע״פ המס' שלמעלה (א, ה'), ושבוש בב״וד. החמשי – חסר י', אבל הש' רפה בס״מ, לפי שהחירק גדול, שכן דרך כל המספרים הסדוריים מן השלמים לבוא במשקל פְּעִילִי, ואין כל יחס בין החירק ובין הצירי של המספר היסודי: חָמֵשׁ. ואינו משתוה בזה למספרים היסודיים: חֲמִשָּׁה, חֲמִשִּׁים. ו) הלוא – כצ״ל מלא, שכן בעמוס ה, כ' נמסר „ל' חסר בספרא" (ר' מ״ש ליואל א, ט״ז). יא) ויתְּנוּ כתֵף – כן מוטעם בלטרים, ונראה נכון, ויש לו סיוע ממקצת כ״י. ואולם ברוב ס״מ, ובניהם מק״נ, ב״ב וקיטל וב״וד, מוטעם: ויתנו כָּתֵף. ונ״ל בכונת הטעמה זו: נתנו את כתפם להיות סוררת, הטוה לאות סרוב כדרך הסוררים.

ח ח) ואני – בפשטא ולא בקדמא בס״מ. ט) יט) כן) כֹּה – במונח בס״מ.

ט ג) צר – חסר ע״פ המס', שכן אינו בכלל י' מלאים שנמסרו ביחזקאל כ״ו. ה) הביש – כצ״ל חסר, שכן לא נמנה בכלל המלאים במס״נ דיהושע ד, כ״ג, ודיואל א, י'. והן אמנם המס' משובשת בב' המקומות, ותקונה בהתאם עם המציאות בספרים נ״ל ככה: „הוביש ה' מל' וסי' כי שמענו את אשר הוביש. אשר הוביש ר״פ וחברו (מלה זו נשמטה ביהושע וישנה ביואל). ויהי כשמוע כל מלכי האמרי. שדד שדה (כצ״ל במקום עצי השדה). כל הבאיש על עם כן כתיב". המס' מונה את הפסוקים והם ד' ביהושע ואחד ביואל מלבד אותו דישעיה המשונה מכלם. ובכל אפן דזכריה חסר וכ״ה בקיטל. ח) כִּי עתָּה ראִיתִי בְעֵינָי – כן מוטעם בקיטל ובב״וד. וב״ור מסתיעים ממס' המונה „כי עתה י״ג בטעם", (ור״ל שמלת „כי" מוטעמת ואינה מוקפת) והם: בראשית כב, י״ב. כט, ל״ב. לא, מ״ב. שמות ט, ט״ו. במדבר כב, כ״ט. ש״א ב, ט״ז. יג, י״ג. יד, ל'.

ישעיה סט, י"ט. הושע ה, ג'. י, ג'. זכריה ט, ח'. דניאל י, י"א. ט) יָבוא – נסר"א בס"ס. טו) והמו – נ"א הסי (ר' מ"ש).

י ד) ממֶנו – בז"נ בכמה כ"י, וכן בב"ור, ונכון. ה) בוסים – כן ברוב הספרים, ובמקצתם בוסִים בקדמא, והוא הנכון לפני הנתוח והבאור הרגיל. ובכ"ז נ"ל שהרביע הוא הטעם האמתי, הנוסך רוח חן וחיים על פסוק זה, וכמו שאבאר: הרביע מפריד את הענין ונמצא מלמד על חמונה מליצית מן המין אשר אכנהו: אפתעה. הכתוב מתחיל בציור הנורא: „והיו כגברים בוסים"= כמו גבורים כן יהיו רומסים בלי חמלה. השומע סבור שנמרה של אמרה זו יהיה בודאי: „בחיל אויביהם", ופתאם הנמר בא: „בטיט חוצות במלחמה" בטיט המפחר על פני חוצות מנחיצת בתים בסבת המלהכה, בו הם בוסים, כי אויביהם כבר נסו מפניהם הכה וגבוריהם על סוסיהם. יא) יאר – חסר ו' (מ"ש).

יא יב) אליהֹם – בזקף כן בב"ור ע"פ כ"י, ובהתאם לנתוח.

יב י) והמַר עליו כהמֵר – כן בבו"ד ע"פ כ"י, ונכון. יד) כָּל־המשפחות – במקף. ב"וד ע"פ ס"י.

יג ז) והשְׁבתִי – מלרע בס"מ.

יד ד) על־פנֵי – במרכא כדין לפני מתג במלת הזרקא, וכן בכל ס"מ. ח) יצאו מַים – כן בב"ור ע"פ כ"י. ה) וְנַסתֶם – „וְנִסְתַּם",

וכן בשלשתם למדנחאי (ר' מ"ש). י) כָעֲרבה – ובס"א כַּעֲרבה, וא"א להכריע. יח) את־הגוים – „ס"א את־כל־" – (ר' מ"ש).

# מלאכי

א ו) ואם־אָב אָני – כצ"ל ולא במונח ורביע. ח) תגשון – נמסר עליו „לית וחסר י'". וכן בקיטל ובב"ור. יא) כִּי ממזרח־שמש – כן מוטעם במק"ג, בב"ב ובקיטל, ונכון. יב) אותו – זה אחד מכ"ד מלאים שנמסרו במס'. יד) משחַת – יש מנסחים: משְׁחָת, וא"א להכריע.

ב יב) לאיש – בקדמא ולא ברביע בס"מ, וכן נכון לפי הנתות.

ג ה) ומטֵי־גר – במס' דש"ב כא, כ"א, ובא"וא סי' קט"ז מנו את זה בכלל „ו' מלין כתיבן י' בסוף תיבותא וקרינן ה'", והוא פלא, הלא הי' נכונה בזה ולא ה', מאחר שכל הבינונים שבפסוק הם ברבוי. ונ"ל שהסגנון המקוצר הוקשה להם, לפי שהיה ראוי להיות: „ומטי משפט גר", או: „ומטי גר במשפט (או: בריבו)", וע"כ סברו בעלי המס' שהמלה היא שם עצם ממש, „מטה גר" = משען גר, משען לחם או משען מים (ר' ויקרא כו, כ"ו), ושב אל „ובעשקי", מי שעושקים שכר שכיר וכו' ומטה גר.

# תהלים

א א) לא (עמד) – במרכא ולא במונח, לפי שהוא באות הראשונה (תו"א 17). ד) לא־כן – בסקף ובלי צנורית, שאין זו נוהגת במרכא המשרת לאתנח.

ג ז) מרבבות – במונח ולא במרכא, שכן דין משרת האתנח אחר רחי, כשאינו בא בראש המלה ואין אחריו פסיק (תורת אמת דף 16, 17), וכן הוא בס"מ.

ה ב) אמרַי האזינה| – בטפחא ומרכא ופסיק, כרשד"ל נגד בעל תו"א (58), לפי שראיותיו של בעל תו"א אינן מוכיחות, כי במקומות שהביא מהן ראיה, השם שאחר הפעל הוא הנושא, וכאן הוא פְּנְיָה (וואָקאַטיף). וכן בתנ"ך ב"ור. ג) הקשיבה לקול – בלי פסיק או לגרמיה (ונגד בעל ס"ש). כן ברוב ס"מ. ובכ"ז העירותי גם על נוסחת הס"ש. ז) רבְרי – בגלגל.

ו ב) ואל־בחמתך – בטפחא ומונח, לפי שהמלה ראויה למתג, ואין רביע מוגרש לפניה (תו"א 11). וכן בב"וד.

ז ה) ואחלצה צוררי – הספרים מחולפים בהטעמה, ולפיה חלוף בבאורים, וע"כ בזה וככיו"ב הצבתי את ההטעמה שהיא העיקרית בעיני (מפאת הנתוח ההגיוני, או מפאת מציאותה כרוב כ"י וס"י) בפנים, ועל השניה העירותי. יד) לְדֹלְקִים – בלי צנורית, לפי שהחולם הברה סגורה לדעת בעלי הסס' והנקדנים (ר' תו"א 10 בהערה).

ח ה) מה־אנוש – במרכא בס"מ. ו) מעט – הכ' דגושה (מ"ש). ט) צפור – מלא ע"פ הסס' דויקרא י"ד, כפי שנתקנה על נכון ע"י הח' פ"ד ערך צפר, וכן הוא בב"וד.

ט ד) בשוב־אויבַי – במקף ומרכא. כן בב"וד ע"פ ס"ס. י) משגב... משגב – הג' כפתח. כן בב"ור ע"פ הרד"ק במכלול קפד' ע"ב. יא) דֹרשיך – הד' רפה, שכן אין דין אתי מרחיק בעלילת מתג נוהג בבגד כפת (ר' הקדפת דליטש למשלי xxxi). יד) חָנְנֵנִי – „ס"א חָנְנֵנִי". כן במק"ג וכן קרא הדאב"ע ז"ל, אלא שלפי"ז צ"ל הח' בלי מתג והטעם מהפך (ר' תו"א 33 פרק י'). ראה־עניי – במקף (ר' תו"א 40). וכן בב"וד. כא) הֲמה – במרכא (תו"א 11).

י ב) בגאוַת – במונח. כן בס"מ. זוּ – במרכא (תו"א 11). ד) כגבה – הנוסח: „בגבה" אינו אלא כרותא כדי לתקן הסגנון, והוא נגד המס', שמסרה: „כגבה ב', וסי' כגבה ארזים, כגבה אפו". ח) במארב – במהפך מצונר (ולא בעלוי), כדין משרת רביע גדול במלה כבירה מלרעית אחר לגרמיה, וההברה שלפני המוטעמת פתוחה (תו"א 29), וכן בס"מ, ועמהם ב"וד. ט) יארֹב – כמהפך מצונר (תו"א 34). י) חֵלכָּאִים – הל' בלי שוא, כדין בסוף המלה, לפי שהנקוד הולך אחר הקרי.

יא א) צפור – מלא (כנ"ל ח, ט') ג) כי־השתות – במקף בס"מ (ר' תו"א 40).

יב ח) זֻו – במרכא (תו"א 11). ט) לבני – כן בכל הספרים, ונוסח „לפני" ברותא.

יג ב) עד־אנה| תסתיר – כצ"ל.

יד א) הִשחיתו הִתעיבו – במתגים לכ"א לתקנת הגרונית. ה) כִּי – במרכא (תו"א 41).

טו ד) נבזה בעיניו נמאס – חלופי הנוסחאות בהטעמה הם תוצאות החלופים בהבנת הנתות (ר' תו"א 59, 60, ובהערה).

טז ז) אברֵך – במונח, ולא ברביע מוגרש, שכן א"א לזה לבוא באבר האתנחי.

יז ג) זַמֹּתִי – מלרע ע"פ המס' דירמיה ד, כ"ח, ואולי בא כן משום שהבינו המטעים עבר תלוי שבעתיד, ודן בו דין עבר המהופך לעתיד (וְזַמֹּתִי): ואלו אָזֹם כן (או: אלו נמצאתי זומם כן).

יח א) למנצח וכו' – סדרתי באפן שינמר הפסוק בסוף השורה (ר' מ"ש והתנצלות המסדר). טז) אפִיקי – במרכא ולא בעלוי (ר' תו"א 29, ד'). כא) ינמלֻני – כצ"ל במונח.

יט ג) ללילה – הל' ברגש אתי מרחיק בס"מ, לפי שנתחבר עם זה חשש טמיעת אות בדומה לה, וזולת זה אין דין אתי מרחיק נוהג באות שמושית שואית (מלבד: לְךָ, בְךָ). י) משפטֵי הָ – בשני מונחים (ר' תו"א 60). יא) ומפַז – כן בב"ור ע"פ כ"י וע"פ המכלול דו' ע"א. יד) בִי אָז – בס"א בִּי אָז, וזה מתאים לבאורו של שביל בקונקורדנציה שלו, הסובר כי „איתם" כמו „איתן", והיא מלת המצב לפעל „ימשלו". טו) אמרי־פִי – ברביע ולא בפזר, שהרי אי אפשר לפזר לבוא לפני אתנח ומשרתיו (תו"א 44, 45). ונ"ל שהוא תקון מיר מי שהבין „לפניך" שב על „לרצון", ורדכי קביעת הנגיסות לא ידע, ולשויון מדות השיר לא חשש, ובאמת לפי מדות השיר והטעמתו בכה נתוח הפסוק: יהיו לרצון אמרי פי, אף שאינם מובעים כראוי, באשר לפניך

גלוי הניון לכי סִבלי אמר ודברים. טו) ונאלי – ח״ו כס״ס, ועסהם כ״וד וקיטל, ונסםר עליו „לית וחסר״.

כ ו) בִּישׁוּעָתֶךָ – משרת הרביע עמו כסלה אחת. והם שנים כן ע״פ הסמ׳ וחברו באיוב ו, י׳.

כא ב) מַה – כבטול הסקף וכצנורית לכן אשר לַמרות הדחיק, ודונמתו בְּמִשְׁלֵי כו, א׳. יג) כִּי־תְשִׁיתֵמוֹ – כמקף ומרכא ער׳ תו״א 40). וכן בכו״ד.

כב א) הַשַּׁחַר – בקמץ בס״ם, לִפִי שהרביעַ המוגרש כאן בסקום אתנח. וכן בבֵ״וד. ב) אלי | אלי – כפסיק ער׳ משה״ט דף ל״א ותו״א 39). וכן בב״וד. ג) דומיה – מלא ברוב ס״מ. וכן במק״ג. והמס״ג כסימן ס״כ מְשׁוּבֶשֶׁת, ובסקום „קדמא חסר״ צ״ל: „בתרא חסר״ (ב״וד בהערה לסי׳ ס״ה ב׳. וד׳ מ״ש שם). יא) אֵלִי – כמונח נסו״א. ודונמת זה למטה קמ, ז׳, (ב״וד). טו) בתוך – כמונח כדין בהברה הראשונה. טו) כח) ל) כָּל – במתג (מ״ש). כה) כו) הנוסחאות המחולפים בהטעמה הם לפי חלוף ההבנה בנתות, וכן בכ״מ שהעידותי על הטעמה אחרת.

כד ד) ובר־לבב – כמקף. כן במק״ג ובב״וד ונכון. שאלו היה „ובַר״ בגלגל או בהכרח היה מוטעם „נקי כפים״ במרכא וצנור כידוע בחקי הנעימות.

כה ה) כִּי־אַתָּה – הכ׳ כמתג לפי שהדחי סנונן מלרע. ח) על־כן – באזלא ולא במהפך ער׳ תו״א 11 סעיף ה׳). וכן בב״וד. יא) וסלחת – מלרע, ואין מקום לצנורית.

כז ב) בְּקרב – הב׳ במתג (תו״א 33). ד) שָׁאַלְתִּי מֵאֵת – „מאת״ כלי מקף ובמונח, וע״כ „שאלתי״ במהפך כדין משרת שלפני משרת בצנור (תו״א 26 סעיף נ׳). וכן בב״וד. לחזות בנעם – כטפחא ומרכא וכלי מקף. כן כס״מ. יא) שוררי – מלא (מ״ש). וכן כב״וד.

כח ה) ואל־מעשה – כצ״ל כמונח. ח) עֹז־ – בקמץ קטן. כן בב״וד ע״פ המס׳ דישעיה כו, א׳: „כ׳ קמצין״. והם מסתיעים ע״ז גם מן המכלול לרד״ק.

כט א) לדוד – כצ״ל בעו״י.

ל א) שִׁיר־חנכת – בסקף. כן במק״ג ובב״ור. ו) יָלִין – כסרכא מצונר ולא כמונח.

לא ה) כִּי־אתה – במקף (תו״א 40). י) עששה בכעס עֵינִי נפשי – כן מוטעם בסק״ג ובקיטל, ונכון. יא) באנחה – בפתח. כן כבֵ״וד ע״פ כ״י עתיקים. יב) ולשכני מאד – כן בב״וד, ונכון. נדדו – לפי סנהג ספרינו הסמעטים בחטפין. הד׳ כשוא פשוט ואין סקום לצנורית. כא) תסתירם בסתר – בלי פסיק בס״מ.

לב ד) יוֹמָם – כסהפך מצונר ולא כסרכא ער׳ תו״א 32, 33, 34). תכבד – בסרכא שהוא משרת רביע קטן ער׳ תו״א 24). ו) מצא – חסר ע״פ המס׳. י) מכאובים – מלא ו׳ ע״פ הסס׳.

לג יד) ממכון שבתו – כן מוטעם בב״וד ע״פ כ״י עתיקים. יט) ולחיותם – כרביע מוגרש. כן במק״נ ובב״וה, ונכון לפי שמלת הסלוק כבירה. כא) כי בו – במונח ודחי ולא במקף ( תו״א 40).

לד יט) ואת־דכאי־רוח – הצנורית במלה ככירה אינה מבטלת את המקף ע״פ רוב. כא) עצמתיו – חסר ו׳ ע״פ המס׳, שכן נמסר: „ד׳ מלאים בלישנא״, ואין זה מהם ער׳ הערת ב״וד). כג) פֹּדֶה – חסר ברוב ס״ם. וכן נראה מן המס׳, שבמס״ק נמסר: „לית וחד פרה ראש״. וכן נמנה במערכת המס׳ וכמס׳ או״א בא״כ „מן חד ותד חד ד׳ וחד ר׳״, נשמע מזה שאין הבדל אחר ביניהם זולתי החלוף בין ד׳ לר׳. וכן חסר כב״וד.

לה יט) אל־ישמחו־לי – ברחי במ״ם, וכן נראה מפי׳ רש״י וראב״ע ז״ל.

לו ז) תושיע ה׳ – בפסיק כס״ם. יג) ולא – כצנורית עם כטול המקף כדין.

לז טו) וקשתותם – הש׳ דגושה והת׳ רפויה כס״מ. כה) נער – במרכא. ובמק״נ וכב״וד מהפך והוא שבוש ער׳ תו״א 24).

לח ב) ה׳ אל־בקצפך – כחלופין שבין בן אשר וכן נפתלי נחלקו ע״ד מתג במלת „אל״, אבל שניהם סודים שמלת „בקצפך״ מוטעמת מרכא. וא״כ ודאי „ה׳״ ברביע, כידוע בחקי הנעימות. וא״כ יפה סוטעם בלטרים ושבוש בב״ור, ואין זה דומה לסי׳ ו׳ פסוק ב׳, לפי ששם נאמר: „ואל בחמתך וכו׳״, ונמצא הפסוק מופסק לשני חצאים נפרדים, וא״כ דין בהפסק דחי, משא״כ כאן, שנאמר: „ובחמתך״, ונמצא „אל״ מושך עצמו ואחר עמו, וא״כ הפסק האתנח קלוש, וע״כ דורשת מלת „ה׳״ מפסיק גדול מן הדחי, והוא הרביע. וכן במק״ג ובס״ם אחרים. ז) שחותי – מלא, ונמסר עליו: „ב׳ אחד חסר״, והוא אותו של לה, י״ר, וכן הוא מלא במק״ג, ובב״וד, והם מביאים מכ״י שנמסר ע״ז: „לית מלא״. י) אדני נגדך – כן מוטעם כב״ור, ונכון.

לט ב) אשמרה־לפי – כן כב״וד ע״פ כ״י. ח) ועתה – כן במק״נ ובב״וד, ונכון, לפי ששם „ה׳״ פניה, והוא מופסק סשלפניו יותר מן ההפסק המורגש בין „ועתה״ לשלאחריו.

מ ג) רגלי – בפתח כס״מ. יא) צדקתך – בעלוי ער׳ תו״א 33 סעיף ה׳) וכן במק״נ ובב״וד. יז) ישישו וישמחו | – פסיק אחריהם ולא ביניהם בס״מ (ור׳ תו״א 34 סעיף ו׳).

מא יד) ועד־העולם – כרביע מוגרש לפי חקי הנעימות, וכן כס״ס.

מב ב) נפשי | תערג – לגרמיה ות׳ דגושה (תו״א 32 סעיף ד׳). ג) צמאה נפשי | – בעלוי ולגרמיה (תו״א 32 סעיף ה׳), וכן במק״נ ובב״וד. ה) ואשפכה – בעלוי (תו״א פרק י׳). אעבר בסך – כן כס״ס במונח משרת ולא כאזלא פסקי שהוא לגרמיה, שהרי הענין מחובר, וגם לא בפסיק שאין מקום לו כאן (ר׳ תו״א 39 פרק ה׳), ואפילו היה כאן פסיק היה המשרת צ״ל סונח (ר׳ תו״א 26 סעיף ג׳). יב) עָלַי – בקמץ. כן בב״וד ע״פ כ״י עתיקים.

מג ב) מעוזי – מלא עם הדגש (מ״ש). וכן כב״וד.

מד ב) באזנינו שמענו – בעלוי ורביע בס״מ (תו״א 28). ושבוש בבו״ד. טו) בלאמים – הל׳ רפה בכל ס״מ, והב׳ במתג. יט) אשרנו – חסר י׳ במק״נ ובב״וד ע״פ כ״י דלא כס״ס שבמ״ש. כב) הלא־ – במקף ר׳ תו״א 40, 41).

מה ג) על־כן – באזלא ער׳ תו״א 11, סעיף ה׳), וכן בב״וד. ה) צדק – הצ׳ רפה. מחסר תנאי הדחיק המדגיש בהקפת מלה כבירה לזעירה, שהם: שוא נע בראש ההברה האחרונה של הכבירה או מתג לפני ההברה האחרונה ער׳ הערת בו״ד). י) ביקרותיך – כן בב״וד ע״פ כן אשר. טו) בתולות – סלא רסלא ע״פ המס׳ כפי שנתקנה ע״י מ״ש והרוו״ה ער׳ הערת ב״וד). טז) תבאינה – חסר ו׳ בכל ס״מ.

מז ח) מלך כל – „ס״א על כל״ (מ״ש).

מח ט) כאשר שמענו | בעלוי ולגרמיה (כנ״ל מב, נ׳).

מט ב) שמעו־זאת – ברחי בס״מ, אע״פ שמוטעם „יבחר־לנו את נחלתנו״ (מז, ה׳) במרכא. חה לפי שהצווי והפניה אינם מחוברים כ״כ, ודונמתו: „כל־העמים תקעו־כף״ (מז, ב׳). טו) כצאן – בלי פסיק (תו״א 26 סעיף נ׳), וכב״וד שבוש. שתו – סלעיל, שכן נמסר על חכרו (ענ, ט׳): „לית מלרע״. וירדו – הטעם על הד׳, לפי שאינו צנור אלא צנורית שבטלה את המקף (שלא כמנהג מלה כבירה). כ) תבוא – מלא ע״פ המס׳ דתהלים קיט, ק״ע: „כל ספרא מלא״ (ור׳ סס׳ דהיש איוב).

נ כא) אהיה – בשוא פשוט. אוכיחך ואערכה – כן ברוב הספרים, ובבו״ד: „אוכיחך ואערכה״, והוא הנכון לפי הבאור הרווח. ונ״ל בכונת בעל ההטעמה הראשונה, שיהיה מובן „ואערכה״=ואערה אותך (קל במובן הפעיל) = אגלה את נבלותך באופן שתכיר את עצמך כי ברע אתה, ונמצא „אוכיחך ואערכה״ מחוברים יחד.

נג ב) השחיתו והתעיבו – במתגים (כנ״ל יד, א׳). השחיתו – בטפחא, ולא ברביע מונרש, שכן זה אינו מתרדף לעולם.

נה יג) לא־משנאי – ברחי בכל ס״מ, ונכון. יט) פדה – כצ״ל כמהפך מצונר. כא) בשלמיו – כרביע מונרש. כן בכ״וד ונכון. כב) וקרב־לבו – הר׳ היתה ראויה להמתג, לפי שהוא קמץ רחב,

יא) לסיהֹון | – באזלא לגרמיה (תו"א 32, ב'). טז) פְּה־לָ֫הֶם – במקף (תו"א 40), וכן בב"ור ובקיטל. כא) יְרושלם – בר"מ במקום אתנח מאפס משרת לסלוק.

קלו טו) וּנְעַר – במהפך (תו"א 18).

קלז א) על־נַ֫הֲרוֹת | – (תו"א 34). ב) כנרותינו – חסר ו' קדמאה (מ"ש). ג) שָׁם שְׁאֵלוּנוּ – בלי לגרמיה או פסיק, והטעם גלגל (תו"א 31, ג'). ד) את־שִׁיר – כן בס"מ, וכן בחלופין לבן אשר. ה) יְרושלם – בר"מ בס"מ. ז) הָאֹמְרִים – (תו"א 20). ט) אשרֵי שיאחֹז – בלי פסיק ביניהם (תו"א 15). את־עֹלָלַיִךְ – בר"מ במקום אתנח.

קלח ב) אשתחוה אל־היכל – בלי לגרמיה או פסיק, והטעם גלגל (תו"א 30). כָּל־ – במתג לחזוק התנועה בהשמטת הטעם, מאחר שלא נתחלף החולם בקמץ כמנהג. ומס' מפורשת היא בתהלים לה' י': „וכל מקף דכותיה במ"א כי הגדלת על כל שמך", וכפי הנראה נעלמה מס' זו מן הראב"ע והמ"ש ז"ל. ד) כִּי, אבל: ה) כִּי־גָדול – (תו"א 41). ו) ונבה – חסר ו' בב"ור ע"פ כ"י, וכן בקיטל. ממרחָק – בפתח בב"ור ע"פ ס"מ וכ"י.

קלט א) ה' חקרתַני – כן מוטעם בב"ור ע"פ כמה ס"מ וכ"י, ונכון. ו) דעת – הד' דפה (ר' מה, ה'). ז) אָנָה – ב' מלרע ע"פ המס'. וחברו בדברים א, כ"ח, ובשניהם נ"ל שבאו כן לתקנת הא' שאחריהם. אָנָה אֵלֵךְ – כן בב"ור ונכון. י) ותֹאחֲזֵנִי – (תו"א 11). יא) ואֹמַר אך־חֹשֶׁךְ – כן בב"ור, ונכון, לפי שמלת „ואמר" מופסקת הרבה בענין. יב) יַחְשִׁיךְ – בס"מ בשוא פשוט, וכדרך פעל זה בכל שאר המקומות. טו) בַסֵּתֶר – בסגל. כן ב"ור ע"פ ס"מ ומכלול קס"ת. יט) דָּמִים – בר"מ בס"מ. כד) אם־דֶּרֶךְ־עֹצֶב – כן בב"ור ובקיטל, ונכון.

קמ א) לַמנצח – בר"מ. ד) כמֹו – בגלגל בב"ור, ונכון. ו) טמנו גאים פח־לִי וחבלים – כן לב"א (תו"א 27). ז) אֵלִי – נסו"א וממילא נהפך למרכא (תו"א 17). י) מסבִּי – בפתח. כן בב"ור ע"פ המכלול ל"ה.

קמא ד) אל־תַּט – כן בב"ור, ונכון. ה) יהלמֵנִי – (תו"א 33, ה').

קמב ד) פַּח – (תו"א 11).

קמג א) ה' | – באזלא לגרמיה (תו"א 32). ט) כסתי – כצ"ל חסר ע"פ המס'. יב) וְהַאֲבַדְתָּ – הת' במתג לסמן מלרע.

קמד ב) הרודד – מלא בב"ור ע"פ ס"י וכ"י וע"פ מס' „לית וסלא", וכן מלא בקיטל (ור' מ"ש). ו) ה' הט־שָׁמֶיךָ – כן בב"ור ע"פ ס"מ. בני־נכר – במקף בב"ור ע"פ בן אשר. ח) אשר־פיהם – במקף בב"ור. י) עַבְדּו – בר"מ. יב) כזוית – מלא. במס"ק זכריה ט, ט"ו נמסר „ב' וחד מלא בנותינו". וכן בב"ור. יד) ואין (צוחה) – במרכא בס"מ.

קמה ו) נוראתיך – חסר ו' תנינא בב"ור ע"פ כ"י וע"פ מס' כ"י לדברים י, כ"א. ונדלותך – בלי י' אחר הת' (מ"ש). וכן בב"ור. ז) וצדקתךָ, וכן: יא) וגבורתךָ – (תו"א 11). ח) ונדל־חסד – (מ"ש). וכן בב"ור ובקיטל בלי ו' יתרה. יב) לְהוֹדִיעַ לבני – בלי לגרמיה או פסיק. כן בב"ור, ונכון. טו) ואתה – (תו"א 11).

קמו ג) לו – במרכא (תו"א 11. אבל שם בדף 12 במונח, ואינו אלא טעות הדפוס). ו) את־הַיָם – בדחי במק"ג ובב"ור, וכן מסתבר, לפי שד' המלים המוקפות עולות על שלשתם. ז) לָעשוקים – הל' בקמץ. כן בב"ור ע"פ ס"מ. ח) פקח – המתג לתקנת הע'. ט) ה' | – באזלא לגרמיה (תו"א 32).

קמז ב) בנה – חסר ע"פ המס'. שכן נמסרו ז' מלאים ואין זה מהם. וכן חסר בס"מ. ו) משפיל רשעים – בטפחא ומונח ולא בר"מ, משום זעירות מלת הסלוק (ר' תו"א 51 ט'). ח) המכסה' – בעלוי (תו"א 33).

קמח יב) בתולות – מלא דמלא כפי המס' המתוקנת ע"י הרו"ה ז"ל (ור' מ"ש והערת ב"ור ומחברת המסה"נ להח' פ"ד ערך בתל). יְהַלְלוּ | – במהפך ואזלא לגרמיה (תו"א 34). יד) תהלה – בעלוי אחר הפזר (תו"א 28).

קמט ט) לעשות – בעלוי (תו"א 33, ה').

# משלי

א ב) לָדַעַת – בדחי. כן ב"ור ע"פ ס"מ. ד) לִפְתָאיִם – הא' נחה (מ"ש), וכן בכ"מ. ט) לגרגרתך – זה ושל ג, כ"א חסר דחסר ע"פ המס'. יד) גּוֹרָלְךָ, וכן: כח) וְיֹאכְלוּ – במונח ודחי (תו"א 20). יח) בֹּצֵעַ – זה אחד משלשה בינונים בקל שנסוג בהם הטעם עד התנועה השלישית אבל בא בהם מתג במקום עיקר הטעם. שני חבריו הם: מנע בר (יא, כ'), בקע סים (ישעיה סג, י"ב). כא) בפתחי וכו' – ההטעמה המוערת נמצאת בקיטל. כב) עד־מתי | – במהפך לגרמיה בס"מ. תאהבו – כצ"ל. כג) תשובו – מלא (מ"ש וב"ור). כז) צָרָה – במרכא מצונר בס"מ (ר' תו"א 9). כח) ישחרונני – מלא ע"פ מס' דהושע ה, ט"ו (ב"ור).

ב ט) צדק – במרכא, וכן בכ"מ כשמשרת האתנח בא באות הראשונה (תו"א 17). יא) תשמר עליך תבונה – כן בס"מ (מ"ש), משום ששתי המלים האחרונות זעירות (תו"א 49, ד'). יב) טז) לְהַצִּילְךָ – ברחי בלבד, לפי שאין ההברה המתונה בקמץ או בחולם (תו"א 20). יג) הָעֹזְבִים – כצ"ל. הנה בעל תו"א (20) הביא דברי בן אשר במסורות טעמי אמ"ת שלו, ח"ל: תיבה אחת אם יהיה בה נעיא לעולם אין בשופר מצויה חוץ משלשה בכל הקריאה יש בהם שופר ונעיא: המבינתך יאבר נץ (איוב לט, כ"ו), העזבים ארחות ישר, המיראתך יוכיחך (איוב כב, ד'), עכ"ל. וע"ז כתב בעל תו"א: והנה מצד כובד חרוזות לשונו חשב בעל מ"ש לנקד ההאין של אלו התיבות בגעיא, אבל טעה, וכך פי' דברי הגאון: תיבה בטעם דחי, ויהיה בה עוד מקום לנעיא „לעולם אין", פי' לעולם אין נעיא, אלא השופר (הוא מונח) מצויה במקומה וכו', חוץ משלשה, שישאר הנעיא ועוד שופר אחריה. עכ"ל בעל תו"א. וע"כ הטעים: הָעֹזְבִים, הַמִירְאָתְךָ, הַמְבִינָתְךָ. ועל סמך זה הדפיסו כן בב"ור. ובמח"כ דבריו מתמיהים שיחס לבן אשר הנחה תפלה כזו, כי איך אפשר שינוננו מונח ודחי בבת אחת ובהברה אחת. וגם דברי בן אשר אינם סובלים את באורו כלל, ועוד שלא נמצא כן בשום הוצאה, ואף בקיטל שהעתיק מכ"י קדמונים נמצא המונח במקום המתג בשלשתם, וגם תפס בחנם את בעל ס"ש, כי אמנם נקוד הגעיא לא הוציא מתוך הבנתו כן מדברי בן אשר, אך העיד שכן מצא בס"ס, ורק בשני המקומות שהה' מנוקדת בחט"פ, ובמלת „העזבים" לא נקד געיא כלל. ונ"ל בכונת בן אשר אורות מה שנהגו כמה סופרים במלה המוטעמת דחי לשים מתג בהברה המחלקת, ולא נהגו כן כשיש מונח עם הדחי, לפי שאין צורך בו, שבידוע שהדחי יונן אחר המונח, ורק בג' מקומות הנ"ל שמו בכ"ז מתג: הָעֹזְבִים (אולי להוסיף חזוק במקום אפשרות הטמיעה), הַמִירְאָתְךָ, הַמְבִינָתְךָ (באלה אולי להוסיף חזוק בקרבת מתג). טו) במענלותם – מלא. ב"ור הדפיסוהו חסר כתברו דישעיה נט, ח', מכח שתיקת המס', אבל הוא נגד כל הספרים. יט) וְלֹא־יָשִׁיגוּ – במקף (תו"א 40).

ג ב) חַיִּים – מופסק באתנח, ולפי הענין כפי שהבינוהו כל המבארים, הנה היתה ראויה בו הטעמה כזו: כִּי | אֹרֶךְ יָמִים וּשְׁנוֹת חַיִּים וְשָׁלוֹם. ונ"ל בכונת בעל הטעמים שהאבר הראשון במשפט כולל שני נושאים שנשואם מובן מכלל האבר האחרון: כי ארך ימים ושנות חיים בודאי גובה וברכה לאדם, ואולם הם יוסיפו לך עליהם גם שלום. ודוגמתו: כבד אבן וכו' (כז, ג'), וכפי פי' הראב"ע ז"ל שם. ג) גרגרותך – מלא ו' וחסר י' ע"פ המס' הנ"ל (א, ט'). יב) אֲשֶׁר – (תו"א 18). יז) נתיבתיה – חסר ו' במ"ש, בב"ב ובקיטל ובב"ור. והם (ב"ור) העידו מכ"י אחד, שבהושע ב, ח', נמסר בו „לית מלא". נְתִיבֹתֶיהָ – בטפחא ומונח (תו"א 11). יט) בחכמה יָסַד־

**כג** ה) אדעה – במונח. כן בכמה ס"י, וכן בב"ור. ומתאים לנתוח. מֹה – בצנורית ובבטול המקף לבן אשר. יד) וֹכהֹנה רבֽות – כן בס"י רבים וכן בב"ור, ומתאים לנתוח.

**כד** א) ־לא חָזו – "חזו" מלעיל (מ"ש). וכן בב"ור ע"פ ס"י וע"פ הרד"ק במכלול. וכן מצאתי מפורש במס' או"א סי' שע"ב. וכן הוא בב"ב ובקיטל, וממילא "לא" בצנורית ובבטול המקף (תו"א 9). ב) גְבֻלות – כן בכ"ב ובקיטל ובב"ור. והם (ב"ור) הביאו בהערה מס' כ"י ע"ז: "לית כ"כ", ובישעיה י, י"ג: "גבולת", ובמס' עליו: "ל' כ"כ", ובתהלים עד, י"ז: "גבולות", ובמס' עליו: "לית מלא דמלא" (ור' מחברת המסה"נ בערך גבולות). ד) עניי – כן כתיב וקרי (נגד ס"ש) למערבאי, ורק למדנחאי עֲנוי כתיב, שכן נמצא בחלופין שבין מערבאי ומדנחאי (בו"ד). והן אמנם שהראיה שהוסיפו ע"ז ב"ור ממס' או"א סי' פ"א ממה שמנתה שם "עֲנָוֵי" דעמוס ח, ד', והשמיטה את זה, אינה ראיה חזקה, לפי שנרשם עליו "דלוג", ור"ל שאין הרשימה שלמה, ואולם דאיתם מסי' קל"ט ברורה מאד, כי שם נמסרו "ה' זוגין מן ב' ב' כתיבן ו' במצעא תיבותא וקריין י'", ואלו היה זה דאיוב כדעמוס כתיב וקרי, כי אז היתה המס' שם מונה ו' זוגין. ומס' או"א לא היתה ביד המ"ש, כמו שהוכיח הח' פ"ר במקום אחר. וכן הוא בב"ב ובקיטל. ה) בּפעלם – הב' דגושה כדין ב' שואית לפני ב' פ'. ערבָה – בטפחא. כן בחלופין לבן אשר. ח) מִזָּרם – במונח. כן בכ"ב ובקיטל ובב"ור. ומתאים לנתוח. ט) ועל – במס' או"א סי' ב' נמצא זה: "על" בלי ו'. ונראה ט"ס, לפי שבא דרך אגב, ולא נמצא כן במקום אחר. יְגזלו – לפי פי' כל המפרשים (מלבד רש"י), היה ראוי להטעים: "יגזלֽו". ואולי הכין המטעים: "משד יתום"=מאלמנה מיניקה. יג) בִּמֹרדי־ – בגלגל נסו"א ובלי מקף. כן בב"ור ונכון, שהרי המלה ראויה למתג, ועוד שאלו היתה המלה מוקפת, כי אז היה מוטעם "הי"ו" ברביע קטן ת' הצנור (ר' תו"א 27). יד) לאוֹר – בלי פסיק, שכן אין פסיק בא אחר טעם מפסיק (תו"א 39). טו) נֶשף – ברביע. כן בב"ור ע"פ ס"י ובהתאם לנתוח, וממילא הנ' דגושה כדין אתי מרחיק. טז) חָתַר – במהפך ומרכא (ר' תו"א 25). יֹומָם חתמו־למו – במרכא (מצונר) ור"מ, לפי שהסלוק ומשרתו שניהם במלים זעירות (תו"א 50). יז) כִּי־ ׳יכִּיר – במקף (תו"א 41). יט) מֵימֵי־שֶׁלג – בר"מ באיכה אתנח (תו"א 50). כ) עֹוד לָא – (תו"א 11, 40).

**כו** ו) לַאבדון – הל' בפתח. כן בב"ור ע"פ ס"י, וכן בב"ב ובקיטל. ז) צפֹון – במונח (תו"א 48), וכן בס"מ. ח) צֹרֵר מַיִם – נסו"א ומתג ת' טעם (תו"א 21), וכן ראוי ע"פ המס' (מ"ש). ט) פרשז – "ס"א בסין". כן בב"ור ע"פ כ"י. אבל ברוב הספרים בש' ימנית. י) אֹור – במרכא (תו"א 11). יד) שֶׁמֶץ – "בס"א שֵׁמֶץ". כן בקיטל ובב"ור.

**כז** ט) ישמע‌ן | – במרכא (תו"א 17, ד'). יב) ולָמה – במרכא בב"ב ובב"ור (כלמעלה ט, כ"ט). יג) אדָם רשָׁע | – בטפחא ומרכא (תו"א 17). טו) שרידו – כתיב, שרידיו קרי. כן בחלופין למערבאי, וזה ידוע שאנו נוהגים לעולם כמערבאי. וכן בב"ב ובקיטל ובב"ור. ומה שלא נזכר במערכת המסה"נ ולא במס' או"א סי' קכ"ח, הנה כבר העידו ב"ור שהמסרות בענין זה של חסרון י' במצעת תיבותא משובשות בכלל, וכן העיד הח' פ"ר על תמיהות אחרות בסי' הנ"ל. ואפשר ג"כ שלפי שיש במלה זו מחלוקת מערבאי ומדנחאי, לא הובאה במס', דבפלוגתא לא קמיירי. טו) ואלמנותיו – מלא בב"ור ע"פ מס"נ דתהלים ע"ח, והמס"ק שם משובשת. כב) יחמל – חסר, שכן אינו בכלל ד' מלאים שנמסרו במס"נ דחבקוק ב, י"ז. וכן בכמה ס"מ.

**כח** ה) מִמנה יֵצא – ברחי ומרכא. כן בב"ור ע"פ ס"י. ט) הפך וכ"ו – לפי ההטעמה המוערת זה משפט נטפל לאבר האתנחי, ויובן בחסרון "אשר", ומשלים "הפך" הוא החלמיש, ו"משרש הרים" יחוסו סמיכות: החלמיש אשר הפָכו משרש הרים. יא) ותעלמה – במפיק ה'. כן בס"מ, וכן במכלול לרד"ק. ומה שלא נמנה במערכת המסה"נ בכלל "חד וחד מפיק ה'", ולא במס' או"א סי' מ"ב, אפשר שנשמט, שהרי גם בל"ז יש בשתיהן השמטות, ואינן מתאימות (ור' למעלה כו, ט"ו). טז) לְא־תְסלה – במקף (תו"א 40). יז) וזכוֹכית – בחולם ברוב הס' הישנים, וכן בב"ב ובקיטל ובבו"ד. כח) מֵרָע – בקמץ. כן בקיטל ובב"ור. והם (ב"ור) הוכיחוה מן המס' באו"א סי' כ"ד: "ב' פתחין" (דישעיה ט, ט"ז ודמשלי יז, ד'), נשמע מזה שהשאר בקמץ.

**כט** ו) וצֹור – בטפחא. כן בחלופין לבן אשר. יג) אבד – חסר ע"פ מס"נ דמשלי לא, ו'. וכן בס"מ. טו) לַעור – הל' בפתח ע"פ הרד"ק במכלול דף ג"ג והרקמה 101. וכן בב"ב ובקיטל ובב"ור. טז) אָנֹכי – במתג לפי שהוא מלרע. יט) פתוּחַ – הח' במתג לתקנת הא'. כא) ויחלו – הל' דגושה (ר' מ"ש). כד) ולא יאמינו – כן בב"ור עם ו' החבור ע"פ ס"י מסגות 1488–1515–1521–1544–1595. וכן בפי' הרמב"ן ז"ל. וכן נמצא בשמונה עשר ספרים של כ"י וד"י. ומלבד אלה מצאתי עוד ראיה לקיום ו' זו, ממה שכ' במ"ש למעלה (כה, ה') שנתברר לו ספקו על אודות הו' של "ולא יאהיל" מתוך מסרה כ"י שמסרה עליו: "ג' פסוקי ולא לא". והנה שני הבריו הם האחד בסי' ט, ל"ה, והשני הוא זה שלפנינו, ולא נמצא יותר בכל ס' איוב, וזו ראיה ברורה. כה) אֶבחר – במתג לבן אשר.

**ל** ג) הַערקים – בפתח בס"מ. אֶמש – "ס"א אַמש". כן במקצת כ"י. לפי"ז אפשר שהוא פעל בעתיד מִשרש משה (ע"מ אֶפֹן), באיזה אפן שיובן, ואין רצוני להאריך. יג) להותי – במ"ש: "להיתי כתיב להותי קרי". הרב בעל מ"ש הלך אחר מערבאי בחלופין נגד מדנחאי, כראוי. ואולם בב"ור הוכיחו שנשתבשו בזה החלופין ברפוס, והשיטה מוחלפת, דלמערבאי להותי כתיב וקרי, ונסתייעו גם ממערכת המס' וממס' או"א סי' פ' שנמסר שם, **אב** דכתיב י' באמצע תיבותא וקרינן ו'", ונמנה בכללן "והיתי" (איוב ו, ב'), ולא נמסר "והותי" זה ביניהם. אך מזה אין ראיה גמורה, לפי שבשתיהן נרשם "דלוג", וא"כ אפשר שיש בהן השמטה. וג"ל להביא ראיה ממקום אחר, והוא במערכת המס' קרוב לסוף אות יו"ד: "ה' זוגין מן ב' ב' דכתיב י' באמצעות תיבותא וקרינן ו'" ומס' זו עצמה נמצאת גם באו"א סי' קל"ח, ובשתיהן לא נזכרה מלת "והיתי" דאיוב ו', ודאי לפי שאין לה זוג, הנה לך ראיה ברורה שזה שלפנינו "להותי" כתיב וקרי. וכן נמצא בתשעה עשר כ"י וד"י נגד שמונה המבדילים בין כתיב וקרי. וכן הוא בקיטל. יט) הֹרָני – בפתח ברוב הספרים. כ) ותתבֹּנֶן – בנסו"א וצירי ומתג. כן בב"ור ע"פ שיטת בן אשר (ור' תו"א 21). כז) מֵעִידתָו ולא־דָמו – כן מנוקד ומוטעם בב"ור ע"פ ס"י. וזו כונת המס"ק: "לית", לפי שחברו דתהלים לה, ט"ו בקמץ (וע"ד שנוי האתנח לר"מ ר' תו"א 48, ג').

**לא** ב) ממרמים – חסר ו' ע"פ המס' (ר' למעלה טז, י"ט). ח) וצֶאצאַי וכן: יב) תבוּאתִי – בטפחא ומונח (תו"א 11). יא) פלילים – ס' בסוף (ר' מ"ש). טו) וַיְכֻנֶנּוּ – בשורק חסר וברפיון הנ' הראשונה. כן בב"ב ובקיטל ובב"ור, וכן ברוב כ"י, ובמקצתם נמצא: "ויכֻנֵּנוּ". ונ"ל שהיא היתה קריאת ר"י אבן גאנח, אלא שנפל ט"ס בדבריו, וע"כ לא הוכן כראוי. הנה ז"ל בהרקמה צד 142 דפוס פראנקפורט תרי"ו: "ונבלעה הנון הכפולה בנון באשר (ולא "אשר", כמו שהעתיק המ"ש, וכנראה הוא תקנו כן מסברתו, ולא העיר עליו מחמת הפשיטות, ואינו נ"ל כן) הוא כנוי הרבים המדברים". והנה נכר בעליל שיש איזה חסרון והשמטה בדבריו, שאלו היתה כונתו כהבנת המ"ש, היה כותב: "בנון הכנוי", ולא יותר, מאחר שכל עיקר כונתו ללמדנו תשלום חסרון הנ', ולא לברר מין הכנוי. וכנראה, ראוי להיות כעין זה: ונבלעה הנון הכפולה בנון [שאחריה, והאחרונה רפה] באשר היא כנוי הרבים המדברים. כ) כִּבשׂי – בר"מ (תו"א 13). כא) הניפתי – מלא י' וחסר ו' בס"י, וכן בב"ור. כח) כִּי־כחַשתי לאֵל – כן מוטעם בכל הספרים, והוא פלא, כי לכאורה היה ראוי להטעים: כִּי־כִחַשתי לאֵל. וג"ל שהמטעים הבין: "ממעל"= מחמת מעילה בו, ר"ל: תחת שהיה ראוי לי להודות ליוצר המאורות על חסדו. לה) הֵן – בצירי ע"פ מסרת בן בלעם (ב"ור). לז) צֹעדי – בדחי (תו"א 48). כמֹו־נָגיד – במקף (שם 40).

**לב** ה) הָאנשים – בר"מ (תו"א 50). ו) אליהוא – במהפך (שם 24, ב'). ח) רוּחַ – המתג בח' לתקנת הה'. י) שמעה־לי – הל' רפה בס"מ (ר' הערתי לתהלים מה, ה'). יב) והנֵה – בעלוי (תו"א 18, ו'). יג) תֹאמרו – במונח ודחי (שם 20). טו) חַתּו – במתג להורות מלרע נגד הכלל, וכן רַבּוּ (תהלים סט, ה'), שַׁחוּ (משלי יד, ט"ו). כא) ואל־אָדם – בר"ס (תו"א 50).

**לג** ד) דוּחַ – הח' במתג לתקנת הא' שאחריה. ו) הֶן־אני – זה אחד מן ה' פתחין ע"פ כס' בן בלעם בטעמי המקרא שלו, והם: במרבר כג, ס', כ"ד, איוב ח, י"ט, לג, ו' י"ב (ב"ור). ז) אמתי – חסר ע"פ מכ"נ דספרא (ט, ל"ד). י) יַחשבֵני – בר"מ. כן במק"נ ובב"ור, ומתאים לנתוח. לאוֹיֵב – במרכא מצונר (ב"ור). יב) הֶן־זאת – במונח. כן בב"ב ובקיטל ובב"ור, ומתאים לנתוח. טז) אז – ברביע. כן בב"ור ע"פ ס"י, ומתאים לנתוח. יז) להסִיר וכ"ו וְגוֹה מִגֶּבר – כן בב"ור. ע"פ ס"י, ונכון. כב) לממיתים – מלא דמלא ע"פ המס' דמ"ב ו, כ"ו. כד) שׁחת וכן: כז) הֶעוִיתי – בר"מ (תו"א 50). כז) יָשָׁר – במהפך משרת (ולא לנרמיה). כן בב"ור ע"פ ס"י, ונכון. לא) הקשֵׁב אִיּוֹב – בטפחא ומרכא (תו"א 17 ע"פ בן בלעם).

**לד** ג) כִּי – במונח (תו"א 40). ה) אִיּוֹב – במונח ולא ברחי (תו"א 22, ו'). וכן בב"ב ובב"ור. ט) אַנְשֵׁי – בחט"פ לבן אשר. יג) ומי־שָׂם – במקף (תו"א 40). טז) זאת – הז' רפה (ר' תהלים מה, ה'). יט) פנֵי – בעלוי (תו"א 28, ד'). וְלֹא נכּר־שׁוֹע – תסונת הטעם וסרוס המקף ת' וְלֹא־נִכַּר שׁוֹע. כ) יגעשו־עָם – במקף ומרכא בס"מ. כב) אֵין – במונח (תו"א 40). כו) סְפָקָם וכן: ל) חָנֵף, לא) נָשָׂאתִי – בר"מ (שם 60). כט) וּמִי (ירשע) – בעלוי (שם 28, ד').

**לה** א) אֱליהוּ – בלי א' בסוף ע"פ המס' דספרא לב, ד'. ב) מַה־אֵעִיל – במקף (תו"א 40). ז) אוֹ מַה־מִיָּדְךָ – כן מוטעם במק"ג, בב"ב ובקיטל ובב"ור. ח) לְאִישׁ כָּמוֹךָ – כן בכמה כ"י ובב"ור, ומסתבר. ט) מרב – חסר בב"ור ע"פ ס"י וכן בב"ב ובקיטל, וכן נראה משתיקת המס'. ומוטעם במונח בב"ור ובמקצת כ"י בהתאם לנתוח. מזְרוֹע – במרכא (תו"א 8). יד) ותתּוֹלֵל – נכו"א ומתג במקום הטעם. כן בב"ור בשיטת בן אשר בחלופין.

**לו** ה) ולא – ,בס"א לא' (ר' מ"ש). וכן נמצא בשמונה ספרים כ"י וד"י. טז) הֱסִיתךָ – ,ס"א הֲסִיתְךָ', ונ"מ לבאורו, שבחט"פ הוא מקור ובחט"ס הוא פעל עבר. מוּצָק – בקמץ. כן בקיטל ובב"ור, וכן נראה משתיקת המס'. כא) הָשָׁמֶר – במתג מורה מלעיל. כה) כל־אָדם חָזוּ – בדחי ומרכא. כן בב"ור ע"פ ס"י. כז) כִּי־יְגָרַע – במקף (תו"א 40). לא) כִּי – במונח (שם).

**לז** ג) תַּחַת כל־השמַיִם – בשני מונחים. כן במק"ג ובב"ור, ובכמה כ"י וד"י. ח) ובמעונתיה – מלא ו' קדמאה וחסר תנינא. כן ברוב הספרים, וכן ראוי להיות ע"פ המס' דספרא (לח, מ'), אחר התקון ע"י הרוו"ה ז"ל והח' פ"ר במחברת המסה"נ בערך עון. טו) טז) הֲתֵדַע – במתג מורה מלרע. כד) לֹא־יִרְאֶה – במקף (תו"א 40).

**לח** א) מִן | הַסְּעָרָה – מלה אחת כתיב, וכן (מ, ב') ע"פ המסה"נ דרה"א כז, י"ב, ומס' או"א סי' צ"ט. ב) מחשִׁיךְ עֵצָה בְמִלִּין – כן מוטעם ברוב הס', והר"מ ת' אתנח (תו"א 60), ובמקצתם כהטעמה המוערת, וכן בב"ור, ובכל אפן ,בְּלִי" במונח (תו"א 40). ח) בְּגִיחוֹ – בר"מ (שם 50). יג) לאחז – חסר ברוב כ"י וד"י, וכן בב"ב ובקיטל ובב"ור. כ) וְכִי־תָבִין – במקף (תו"א 40). כז) שאה ומשאה – חסרים (מ"ש). כח) הֲיֵשׁ־לַמָּטָר – במקף ומרכא. כן בחלופין לבן אשר. לא) משכות – חסר ו' קדמאה. כן בב"ור ע"פ ס"י, וכן בב"ב ובקיטל. לו) מִי־שָׁת – במונח בס"מ. לשׂכְוִי – מלרע בב"ור ע"פ רוב כ"י וד"י וע"פ הרד"ק במכלול (קע"ה), ור' עמנואל בלוית חן (פ"ה). וכן נכון ע"פ הדקדוק.

**לט** ב) תספד – חסר ברוב ס"מ, וביניהם כ"ב קיטל וכ"ור, ולמעלה יד, ט"ז, נמסר בקיטל: ,לית מלא". ו) ומשכנותיו – מלא ברוב ס"מ ועמהם קיטל, ונמסר עליו: ,ב' חד מלא וחד חסר". החסר הוא בירמיה ל, י"ח. ז) ננש – חסר בס"מ, וכן ראוי ע"פ המסה"נ דדניאל יא, כ', ומס"ק דכאן משובשת (ור' מ"ש למעלה ג, י"ח). ט) רים – הר' דגושה בס"מ מדין אתי מרחיק. יב) יָשׁוּב זַרְעֶךָ – במרכא (מצונר) ורביע מונרש (תרא 50, נ'). יח) תִּשְׂחַק – במתג לבן אשר. כא) לִקְרַאת – בס"מ במרכא. כב) וְלֹא־יָשׁוּב – במקף (ר' תו"א 40). וכן בב"ב ובקיטל ובב"ור. כו) הֲמִבִּינָתְךָ – (ר' הערתי למשלי ב, י"ג). ל) יְעַלְעוּ – הל' דגושה בב"ור ע"פ ס"י.

**מ** ד) קַלֹּתִי – במתג מורה מלעיל. י) עֲדֵה־נָא – ברחי בכמה ס"י וכן בב"ור, ונכון. יא) עַבְרוֹת – בפתח. כן בס"מ, וכן בחלופין לבן אשר (מ"ש ובו"ד). כל־גֵּאֶה – בר"מ (תו"א 14). יד) תּוֹשִׁעַ – חסר י'. כן בב"ב ובב"ור ע"פ ס"י, וכן בקיטל, ושם נמסר בצרו: ,ל' חסר". כא) תַּחַת – במונח בכמה ס"י, וכן בב"ור. כג) ולא (יחפוז) – בו"החבור. כן עיקר (מ"ש), וכן ברוב הספרים, וכן קראו כל המפרשים הקדמונים. כה) לשנו – חסר ו', שכן לא נמנה בכלל ז' מלאים במס"נ דשופטים ז, ה', וכן הוא בס"מ. כו) לְחָיוֹ – הח' בשוא פשוט בכמה כ"י וד"י, וכן בב"ור (וד' מ"ש יהושע ו', י"ז).

**מא** ב) יעורנו – כן כתיב וקרי למערבאי, שהיא שיטת המס' שלנו (מ"ש). וכן בכל ס"מ. ד) ודבר־גבורות – במקף ברוב ס"מ. וכן בב"ב ובקיטל. ח) יִגַּשׁוּ – פתח באתנח. וחברו ביחזקאל ט, ו' (ור' הערתי שם).

**מב** ד) לְשַׁמַע – המתג לתקנת הגרונית. ח) שִׁבְעָה – במונח. כן בב"ור ע"פ ס"י. ט) וַיַּעֲשׂוּ – בזקף בלבד בס"מ.

# שיר השירים

**א** ד) משׁכֵני אחריךָ – ,נ"א משׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ". זה וכל יתר השנויים המוערים נמצאים במקצתם של כ"י וד"י. ח) בעקבי – הק' דגושה בס"מ. י) בתרים – במס': ,ג' מלאים בלישנא", וזה אינו מהם. טז) הנךְ – הטעם קדמא לפי הנהוח. אף־נעים – במקף. כן בב"ור ע"פ ס"י.

**ב** יא) הָלַךְ – נסו"א בכמה ס"י, וכן בב"ור. יג) והגפנים | – בפסיק, ונמנה בין פסקתא דחמש מגלות. יג) טו) סמדר – בפתח בס"מ. טו) שועלים – הראשון מלא. כן בב"ב ובב"ור. והם (כ"ור) הוכיחו ע"פ ס"י שהמס"ק משובשת וצ"ל: ,ג' מלאים", ושכן נמסר במס' כ"י: ,ב' בפסוק, קדמא מלא ו' תנינא חסר".

**ג** א) ד) אֶת שאהבָה – בטפחא ומונח. כן בב"ור ע"פ ס"י ומתאים לנתוח. ה) עַד – במרכא בס"מ כלמעלה (ב, ז'). ו) כתימֲרות – הם' בח"פ. כן בחלופין לב"א. ח) אֲחֻזֵי חרבו – כן בב"ור ע"פ ס"י, ונכון.

יא) צאינה | – הפסיק נמנה בין פסקתא דה' מגלות. וּרְאֶינה – הר' בחט"פ לבן אשר בחלופין.

**ד** א) שַׂעְרֵךְ – הע' בשוא פשוט בס"מ. ח) שניר – בסין (ר' מ"ש דברים ג, ט', והערת ב"ור כאן). יב) גל נעול – בלי פסיק, אבל: יד) נֵרְדְּ | – בפסיק ברוב ס"מ. ומה שלא נמנה בין פסקתא דה' מגלות, אפשר לפי שחשבוהו לגרמיה הסמוך לדביע, כמו: ואיבה | אשת (בראשית ג, ט"ו), בְּרַח | דודי (בסוף הספר).

**ה** ה) וידַי | נטפו מור – כן בב"ור ע"פ ס"י. ח) תמצאו את־דודי – כהטעמה המוערת נמצא בתשעה כ"י, ומתאימה לנתוח כפי הבנת כל המבארים והמתרגמים, ולפי ההטעמה שבפנים יובן: ,מה תגידו" = אל תגידו, כמו: מה תעירו ומה תעררו" (ח, ד'), אל ידע זאת דורי פן יעצב. כי אמנם כלל גדול הוא בטעמים המתרדפים שאחרון אחרון פחות בכח הפסקו. י) דודי צח –

כן מוטעם ברוו"ה, וכן בב"וד ע"פ ס"י, ונכון. יג) לחיין – מלא י' ברוב מכריע של כ"י וד"י, וכן בב"וה, ולא נמסר עליו: „חסר", ולא נמנה בכלל נ"ו מלין חסרין י' באמצע תיבותא. טז) ממתַקים – הת' רפה ברוב ס"י וכ"י.

ז ב) לעֲרֻגות – חסר ו' קדמאה ע"פ מס"ק דיחזקאל יז, ז', וכן ברוו"ה ובב"ב ובב"וד. ה) שעְרֵך – (כנ"ל ד, א').

ז ב) אמן – המ' דנושה בס"מ. יג) נראֹה – ברביע. כן בב"ור ע"פ ס"י, ונכון. דדי – חסר ו' ע"פ מס' דדה"א כז, ד', וכן ברוו"ה, ובב"ב ובב"וד, ושבוש במס"ק דכאן.

ח ה) חבלַתך – בפתח ומלעיל. כן ברוו"ה ובב"וד. יא) בפריו – הב' דנושה כדין ב' שואית לפני בפ'.

# רות

א ז) כלותיה – מלא בכמה ס"י וכ"י, ובמס' כ"י שהביאו בו"ד: „לית מלא וג' בלישנא". ח) שבנה – הש' ברנש אתי מרחיק. י) ותאמרנה־לה – בסקף והל' כרנש דחיק. וזה אחד מי"א מקומות שהמאיילה משמשת עם האתנח (מש"הט יב' ע"ב). יא) העוד – בקדמא. כן בב"וד ע"פ ס"י. יג) כִּי מר־לִי – במונח לפני מהפך. כן בהנ"ל. טז) כי – בתלי"ק. כן בבמה ס"י וכ"י, וכן ברוו"ה ובב"וד. יז) יוסיף – נמסר עליו: „מלא דמלא" והוא אחד מי"ז מלא דמלא, שנמסרו במערכת המסה"נ לפי תקון הרוו"ה והח' פ"ד במחברת המסה"ג. יט) כבואנה – מלא ע"פ מס' דירמיה ח, ז', וכן בבמה ס"י וכ"י, וכן בב"וד ע"פ ס"י, והמס"ק באן משובשת. כ) קראן לי – הל' דנושה מרין אתי מרחיק. כא) הֵרַע – נסו"א ובמתג במקום הטעם כן בב"וד ע"פ ס"מ וע"פ מס' כ"י: „ד' ולית לעיל".

ב ב) ואלַקטה וכן: ז) אלקטה – הק' בחט"ק בס"מ, וכן בהרקמה קצ"ז ובמכלול כ'. ג) ותלך – ברביע. כן בב"וד ע"פ ס"י, ומתאים לנתוח. ד) והנֵה – במונח במק"נ ובב"וד, וכן בבמה ס"י. ח) לא – במרכא. כן במק"נ, ברוו"ה ובב"ב ובב"וד. י) מדוע – בתל"ג. כן במק"נ, ברוו"ה ובב"וד ע"פ ס"י. יא) שלשום – מלא ע"פ מס' דבראשית לא, ב"ו וש"ב ג, י"ז. וכן במק"נ וברוו"ה ובב"וד, ומס"ק דכאן משובשת. יב) באת לחסות תַחת – כן מוטעם בב"וד ע"פ ס"מ, ונכון. יג) שפחתיך – חסר ו' ומלא י'. כן בב"וד ע"פ כמה ס"י וכ"י ובהסכם עם המס'. יד) לה בעז – הה' רפה ע"פ המס'. נַשי – הש' במתג בס' מדויקים. כ) מגאלינו – כן בב"וד ע"פ ס"י וכ"י, וכן נראה ממס"ק שמסרה עליו: „חסר ו' ", ולא: „חסר דחסר". כב) עם־נַערותיו – הנ' במונח בס"מ.

ג ב) הלא־בֹעז – במקף. כן בחלופין לבן אשר. הִנֵה – במונח. כן בב"וד ע"פ כ"י. ג) שמלתך – כן הכתיב במק"נ, ברוו"ה, בב"ב ובב"וד, וכן במס"ק. ח) וַיהי – הו' במתג, וכן כל „ויהי" המוטעם פשטא או מוקף. ט) מִי – במונח. כן בב"וד ע"פ ס"י. על־אמָתך – הנוסח המוער נמצא במקצת כ"י, וכן בב"וד. יד) מרגלתו – כן הכתיב ברוו"ה ובב"וד ע"פ ס"י. טו) הבי – מלרע לפי קבלת מערבאי. ולפי המס' בירמיה לט, ט"ז, ובמערכת אות הב' הוא צווי בל' זכר, כמו: „הביא", אלא שנשמטה הא' כביתר ח' חבריו בל' ביאה. ונראה שהמס' הושפעה על זאת ממדרש רות, ובפשיטות אפשר שבאה מלרע לתקנת ה"הידיעה שאחריה שלא תתבלע במבטא. טו) ויבא – במקצת כ"י נמצא: „ותבא", ובבלם חסר ו', ונ"ל שהוא המוכיח שהם נגד המס', שהרי ביחזקאל כ"ב נמס': „כל ותבוא דכתובים מלא בר מן ב' ", וזה אינו מהם. טז) כל־אשר־עשה – כן בב"וד, וכן ברוב כ"י ורפוסים ישנים.

ד א) הגאל – חסר ע"פ מס' דבראשית מח, ט"ז. וכן חסר בכל כ"י וד"י, וכן במק"נ וברוו"ה ובב"וד. ג) מכרה – בפשטא. כן בב"וד ע"פ ס"י מדויקים, וכן נכון (ר' תורת אמת 44 בהערה). ד) זקני־עמי – במקף. כן ברוו"ה ובב"וד ע"פ ס"מ. ה) ביום – כן בב"וד ע"פ ס"י. ו) כִּי לא – כן בהנ"ל. לגאל – חסר בב"ב ובב"וד ע"פ ס"י וכ"י ובהסכם עם מס' כ"י. ז) הגאולה – מלא ודגש. כן בבמה כ"י, וכן בקיטל, וכן בב"וד ע"פ מס' כ"י: „לית מלא ודגש". טו) לך – הל' רפה בס"מ, לפי שהמשרת נסו"א שלא למקום מתג.

# איכה

א ב) על־ – במקף בס"י, וכן בב"וד. לָחְיה – (ר' מ"ש ליהושע ו, י"ז). ה) לפני־צר – במקף. כן בקיטל ובב"וד, ונכון. ז) כָל – כיתיב בס"מ, וכן נכון לפי שהזוקף במלה כבירה. מחמדיה – הד' רפה בב"ב ובקיטל ובב"וד. יב) וראו – בזקף. כן במק"נ, ונבון לפי הנתות. יג) פרש – מלרע בכל ס"מ. יד) ישתָרגו – במרכא ותביר (מש"הט כ"ו). יח) כִּי פִיהו – בשני מונחים. כן בב"ב ובקיטל ובב"וד ע"פ ס"י וכ"י.

ב ז) בֵּבית־ – הב' דנושה כדין לפני בפ'. יג) מָה (אעודך) – במונח. כן ברוו"ה ובב"וד ע"פ ס"י. יד) ומדוחם – חסר י' למערבאי (ב"וד). טז) וַיחרקו – הי' במונח נסו"א. כן ברוו"ה ובב"וד ע"פ ס"י וכ"י. כא) לא – „ס"א ולא". כן במקצת כ"י.

ג ח) שָׂתַם – בפתח בכל ס"מ. והמס"ק בבראשית ל, מ': „לית וחד סתם תפלתי", כתתה על כתיב האותיות, ולא על הנקוד (ב"וד). יג) בכליתַי – בפתח בכל כ"י וד"י, וכן בב"וד ע"פ המכלול לרד"ק דף ל"ד, ע"ב, וכן בב"ב. כ) ותשיח – הש' בחולם במק"נ, ברורה, בב"ב ובב"וד ובקיטל, וכן בכל ס"י, וכן מסתבר לפי ששרש הפעל לפי הקרי: „שחח", ואף הכתיב אינו מורה על שרש מנחי הע' להוראת כפיפה, אלא על הפעל „שיח" בש' שמאלית: סוף שאתה תזכרני ותשיח עָלַי נפשי דברי נחומים, זאת אשיב אל לבי וכו'. לב) חסדיו – כן כתיב וקרי למערבאי, וכן ברוו"ה ובב"ור. לט) חָי – קמץ בז"ק. כן בב"ב ובקיטל ובב"ור. וכצ"ל ע"פ המסה"נ דריש ויקרא ומס' או"א סי' כ"א. מ) ונחקרה – חסר בכל ס"מ. מג) סכותה, מד) סכתה – הראשון מלא והשני חסר. כן ברוב ס"מ, וכן נראה כונת המס' דשמות מ, ג', אלא שנשתבשה, ומס' כ"י שהביא הרוו"ה משובשת נ"ב, שהרי היא מתחילה: „סכותה נ' ב' מלא וא' חסר", ולסוף הביאה את כלם מלאים ו', ואת השני דכאן: „סכות" בלי ה' בסוף (!). מג) לא – „ס"א ולא". כן בכמה כ"י. נב) כצפר – חסר למערבאי. וכן במק"נ. וכן נמסר במס"ק, וכן בב"וד.

ד ג) שָׁד – בקמץ. כן בב"ב ובב"וד ע"פ ס"י וכ"י. ולא נמנה במס' בין הקמצין בז"ק, לפי שאין הקמץ ת' פתח בסבת ההפסק, כי אם בעצם וראשונה, ע"מ יָד, רָש, ודומיהם, ונטיתו ברבוי מוכיחה כן. ז) זַכּוּ – מלרע בכל ס"מ, וכן במכלול קמ"ב. יג) מחטאת – חסר ו' בכל ס"מ וברוב כ"י וד"י, וכן חסר במק"נ וברוו"ה ובב"ב ובקיטל, וע"כ ראוי להנית שהוא הוא הז' שנשמט במס' דבמדבר ה, ו', שהרי נמסרו שם ז' חסרים, וכן הובא בכמה מקומות, ובפרטן נמנו רק ו'. ושלא כדין סלאוהו ב"וד מכת מסרה זו. יד) נעו – נ' זעירה ברוו"ה ובב"ב ובב"וד ע"פ המס'. והטעם מלרע בכל הנ"ל ובמק"נ, וב"וד מסתיעים ע"ז מן המכלול קי"א. יח) צדו – מלרע ברוו"ה, בב"ב ובב"וד ע"פ המכלול (שם). כב) תַם – במהפך. כן ברוו"ה ובב"וד, תכון.

ה ה) על־צוארנו – במקף ובמונח. כן ב"וד ע"פ ס"י וכ"י. הזנח – הנ' רגושה. כן בב"וד ע"פ ס"מ וע"פ הרד"ק בס' השרשים. ושני מתגים במלה זו, הראשון לחזוק התנועה הגדולה בהברה סגורה, והשני לחזוק האות הגרונית. יח) שֶׁהשָׁמֵם – יתיר ה' למערבאי. וכן ברוו"ה ובב"ב ובב"וד. ואין כונת הכתיב: „שֶׁהַשָּׁמֵם" כהבנת ב"וד, אלא: „שֶׁהָשָׁמֵם".

# קהלת

א ג) מה־יתרון לאדם – בפשטא חקף. כן בב״ור ע״פ ס״י, ונכון. ט) ומה־שנעשה הוא – הטעמה זו נכונה, לפי שהאתנח במלה כבירה (תל״ע סי׳ שפ״ט). י) מלפננו – חסר ע״פ המס׳, וכן במק״ג, ברוו״ה, בב״ב ובקיטל ובב״וד. יב) קהלת – ברביע. כן בב״וד ע״פ ס״מ וכ״י, וכן בקיטל וברוו״ה. יג) ענין – בקמץ. כן ברוו״ה ובב״ור ע״פ ס״י, וכן נכון לפי שאין המלה סמוכה, ורק אותו של ד, ח׳ בא בפתח ע״פ המס׳.

ב ג) עד אשר אראה – כן מוטעם במקצת כ״י, אבל הוא הנכון לפי הנתות. ז) מקנה – בסגל. כן ברוו״ה ובב״ב ובקיטל ובב״וד ע״פ ס״י ובהסכם עם הרד״ק בס׳ השרשים שרש „קנה״. ואולי אינו סמוך אלא כלל לפני פרטיו ע״ד: טורים אבן (שמות כח, י״ז). יב) את אשר־כבר – כן מוטעם בב״וד, ונכון. יג) כיתרון – כן בב״וד ע״פ ספרים עתיקים ובשיטת בן אשר שהלכה כמותו נגד בן נפתלי. וכן הוא בחלופין. טו) כמקרה – בצירי כרין בססיכות, וכן לרד״ק במכלול קצ״ד. ובב״ור הדפיסו: „כמקרה״ בסגל (וכן גמצא במעט מזער כ״י), ונסתיעו ע״ז מן המס״ק דדברים כג, י״א שמסרה על „מקרה (לילה)״: „לית״, ומן המס״ק דש״א ו, ט׳ שמסרה על „מקרה״: „ב׳ וכל קהלת דכותיה״. ונ״ל שכונת המס׳ על „מקרה״ ובכללו גם „ומקרה״, שכן מצאנו במקום אחד בס׳ צרוף מלים הבאות בו״החבור עם הבאות זולתה בכלל אחד מבלי להזכיר: „בלישנא״ (ר׳ ד״מ במס׳ או״א סי׳ שנ״ד ובהערת הח׳ פ״ד), אבל „כמקרה״ אינו בכלל זה. כא) כי יש־אדם – כן בחלופין לבן אשר, וכן מוטעם בב״ור. כב) שהוא – הש׳ בשוא במק״ג, ברוו״ה, בב״ב, בקיטל ובב״וד בראיה מן המכלול דף מ״ז, רט״ו, רט״ז, ומן הרקמה 167. כג) מכאבים – כצ״ל חסר ע״פ המס׳ דכאן ודתהלים לב, י׳. וכן בכל ס״מ. ובמערכת המס׳ שבוש (ר׳ הערת פ״ר במחברת המסה״ג ערך כאב, והערת ב״וד כאן). כו) ולחוטא – בסגל ע״פ המס׳, וכן כלם מלבד „וחוטא״ (ז, כ״ו).

ג ט) העשה – חסר בחלופין לב״א, ורק לבן נפתלי ולמדנחאי מלא, ובמערכת המסה״ג נפל שבוש, שנמסר כפי שיטת מדנחאי, ואולם למערבאי זה שלפנינו חסר, ושני המלאים הם: עושה בעברת זדון (משלי כא, כ״ד), עושה מלאכת (דה״ב כד, י״ב), שכן נמסר עליהם במקוסם (ר׳ הערת ב״וד). יח) שהם בהמה המה – כן מוטעם במק״ג, ברוו״ה, ובב״וד ע״פ ס״י וע״פ הרד״ק במכלול רט״ז. יט) כי־מות – במקף. כן בחלופין לבן אשר.

ד א) העשוקים – השני מלא למערבאי (מס״ק). וכן בב״וד. ב) עדנה – הנ׳ רפה ברוב ס״מ, וכן נכון לפי שעיקרו „עדן״ (פסוק ג׳), והה׳ נוספת, השוה: פדנה, סלה. טז) כי (גם־זה) – בתביר במ״מ. י) שיפל – חסר ברוב ס״ס, וכן ברוו״ה ובב״ור. והמס׳ דדה״א יב, י״ט משובשת (ר׳ הערת הח׳ פ״ד בערכו).

ה י) רבו – מלרע בכל מקום. יג) בענין – בקמץ (כנ״ל א, י״ג).

ו ב) ואיננו – בסרכא ולא בקדסא (ר׳ משה״ט כג, ע״ב). זה – בתביר כב״ור ע״פ ס״י, ומתאים לנתוח.

ז ו) וגם – בו״החבור ע״פ מס׳ שמות כא, כ״ט, ויחזקאל טז, כ״ח וע״פ מס׳ או״א סי׳ שס״א. יח) ידך – חסר י׳ ע״פ המס׳ דאיוב ח, י״ד. כו) ומוצא – בסגל ע״פ המס׳.

ח יא) פתגם – הג׳ רפה (ב״ור ע״פ ס״י).

ט ב) ולזבח – בקדמא זקף דוגמת ולכהן (ויקרא ז, ח׳). כן בב״וד ע״פ ס״י. ג) מלא רע – בקדמא ואזלא בס״מ. ד) יבחר – הדגש בח׳ מכוון באמת אל הב׳, שזה מקומה בקרי. ו) גם־אהבתם – במקף ברוב ס״י וכ״י. ז) ושתה – הש׳ כחט״פ ברוב ס״מ. ט) חיי הבלך – במונח חקף כן מוטעם בכל הספרים (מלבד ב״ור שהטעימו רביע בלי ראיה משום מקור), וכלל בידנו בהתרדפות הטעמים שאחרון אחרון פחות בהפסקו, וא״כ נעשה המשפט סתום ומבולבל, ואף ב״ור בהטעמת רביע לא הרויחו הרבה, שלפי״ז נמצאו שלש המלים „כל ימי הבלך״ מין סרח עודף והכפלה ללא צורך. ונ״ל ברעת בעה״ט, ששמונת המלים: „אשר נתן וכו׳ ימי הבלך״ הן משפט צדדי המשמש נתינת טעם לשלפניו, והנושא סתמי, והוא הענין של חיי משפחה, והמלים: „כל ימי הבלך״ משמשות משלים ישר לנשוא „נתן״: מה שנתן לך את תכן החיים, אע״פ שבכלל הוא הבל, כי לעמת זה, החי בבדידות, חייו ריקים מכל תכן ואינם חיים כלל. מלת „כל״ בזה הוראתה: כללות, תכן מלא; השוה: התיחשם לכל (דה״א ז, ה׳). יב) האחזות – הז׳ רפה בס״מ כדין אחר שורק אע״פ שהוא חסר. יד) ובא אליה – בקדמא ונרש. כן בב״ב וברוו״ה ובב״וד, ונכון. גדלים – חסר ו׳, שכן אינו בכלל ו׳ מלאים שנמסרו במס״ג דשופטים ה׳, ירמיה כ״ה, ונחמיה י״א.

י כ) יניד – בצירי בס״מ, וכן ראוי ע״פ מס׳ או״א סי׳ ס״ז.

יא ג) אם־ימלאו העבים – בקדמא ומרכא בס״מ. ו) יכשר – קמץ בפשטא (מס׳ או״א סי׳ כ״א). ז) לעינים – הל׳ בפתח ע״פ המס׳. ט) (בדרכי) לבך – כן בב״ב ובקיטל ובב״וד ע״פ ס״י.

יב ד) ויקום – בחולם ע״פ המס׳. ה) עולמו – מלא למערבאי. כן הוכיחו ב״וד, וכן ברוו״ה ובקיטל. יא) אספות – הפ׳ דגושה בס״מ.

# אסתר

א ד) ואת־יקר – בקדמא זקף בס״ס, וכן ראוי ע״פ חקי ההטעמה. גדולתו – בשורק עם הדגש ע״פ המס׳, וכן בס״ס. ה) ובמלואת – העידותי „מלא ו׳״. הערת הספרים „ובמלאות קרי״ מבלבלת את הקורא ומטעתו לקרוא: „ובמלאות״, ובמס״ק: „הא׳ נחה ולית כאן קרי וכתיב״. ה) גנת ביתן – בארבעה כ״י נמצא: „גנת ביתן״, וכן הטעימו ב״וד, ובהערתם: ut interpungi aportet (= כן ראוי להטעים), וכונתם ודאי, לפי שארבע המלים „בחצר גנת ביתן המלך״ הן סמיכות אחת הכוללת שלש מלים נסמכות כל אחת לשאחריה, ובהזדמנות בזו מסתבר להטעים את המלה השלישית, הסמוכה למלה אחת, במשרת, ואת שלפניה הסמוכה לשתי המלים, במפסיק פחות, ואת שלפני פניה הסמוכה לשלשתן, במפסיק יותר, כמו: פקדת שמרי משמרת הקדש (במדבר ג, ל״ב), ימי שבע שבתת השנים (ויקרא כה, ח׳). ונ״ל שהכלל הנ״ל נוהג דוקא כשסמיכיות כלן משתוות ביחוסיהן אחת לאחת, משא״כ כשסמיכות אחת סופלנת. ר״ל נזקקת לשלאחרי אחריה, כמו: ופקדת משמרת בני מררי (במדבר ג, ל״ו), שר״ל: פקדת בני מררי, שהפקדה הזאת מתוארת בשם „פקדת משמרת״. וכן כאן עיקר כונת הסמיכות הוא „גנת המלך״, והיא המתוארת בשם „גנת הביתן״, וע״כ הטעמת הספרים נכונה. ונראה שזו היתה כונת המתרגם יהואש ע״ה שתרגם „אין הויף פון דעם מלכ׳ס פאלאצגארטן״, ולא: „אין הויף פון דעם גארטן פון דעם מלכ׳ס פאלאץ״. ו) רצפת – הפ׳ רפה בס״מ (ר׳ הערתי ליחזקאל ם, י״ז). יד) שתר – כן במק״ג וברוו״ה ובב״וד בפתח. יז) בעליהן, וכן: כ) לבעליהן – הע׳ בשוא פשוט לפני האות ל׳ ע״ד: תעלם (איכה ג, נ״ו), נעלם (קהלת יב, י״ד). כן בכ״י וד״י. יט) תבוא – מלא ע״פ המס׳, שכן אינה בכלל י״ז חסרים שנמנו במס׳ דויקרא יג, ד׳ ודאיוב ב, ב׳. כ) פתגם – הג׳ רפה וקמוצה בס״ס.

ב ג) נערה – בסונח. כן ברוב כ״י וד״י, וכן בב״וד. הנא – כלו צירי. כן ברוב כ״י וד״י, וכן במק״ג וברוו״ה ובב״ור. תמרקיהן – בספרים רבים נמצא: „תמרוקיהן״, ובמס״ק כ״י: „לית ומלא וכל לישנא דכותיה״, וכן במק״ג וברוו״ה ובקיטל ובב״וד. אבל במס״ק שבדפוס נמסר: „לית וכתוב כן״, ובתוספת המסדר: „ר״ל חסר ו׳ ומלא י׳״. ט) ובהקבץ – הו׳ בסתג בס״מ.

לעולם בארמית לפני כנוי היחידה. ובעזקת – הק' בפתח ברוב מכריע של כ"י וד"י, ואם כן המלה באחור, ואינו תמוה, שהרי כן דרך הלשון גם בעברית, השוה: וביד שתי בנתיו (בראשית יט, ט"ז). ובכ"ז העירותי גם על נוסח „ובעזקת". כד) והסק – בפתח בס"ס. לא השתכח־בה – כן בבו"ד, ונכון, משום שיש בזה תסונת הטעם וסרוס המקף. די הימן – במרכא וטפחא. כן ברוב כ"י וד"י. כח) שיזב – מלא י' קדמאה וחסר תנינא. כן בב"ב ובקיטל ובבו"ד.

ז ד) לה – בפתח, וכן כלם (ור' הערת הח' פ"ד במס' או"א סי' רע"ב). ונטילת – מלעיל בכל הספרים (חוץ משני כ"י). ה) הקמת – הה' בחט"ס ע"פ המס'. כנראה סברו המנקדים „שטר־חד" פעול ההקמה: הקימה צד אחד, ר"ל: החזיקה לה סעמד, השוה: שיזב לדניאל (ו, כ"ח). ו) באתר – כ"ל שא' זו הכתובה ברוב הס' ואינה נקראת, עיקרה בשרש המלה, וכל „בתר" עיקרו: „באתר", וענין „באתר דנה"=באותו סקום, כאלו יאמר: לא זזתי ממקומי עד שראיתי שוב. ומרוב שמוש המלה נבלעה הא', ונעשה „בתר". ומורה לעולם על תכיפות המקום והזמן, וכן: ובתרך תקום מלכו אחרי (למעלה ב, ל"ט), לפי שהמלכות האחרת באה למלא מקומה של מלכות נבוכדנצר, אבל בלי מובן התכיפות יאסר בארסית כמו בעברית: אחרי דנה (ב, כ"ט). ז) ואימתני – בצירי מלא י' ומתג. כן בכמה כ"י וד"י, וכן הביא המ"ש, וכן בקיטל ובבו"ד ובמדעי. ומהקה – הה' בחט"ס בכל כ"י וד"י, וכן בבו"ד. משניא – בא'. כן ברוב ס"י, וכן בבו"ד. ח) סלקת – זה ברוב הספרים בקמץ ושל פסוק כ' בפתח, וכ"ה ע"פ המסה"נ והקטנה, אבל במערכת המס' וכן במס' או"א סי' כ"נ נמצא להפך, ובהתאם להן נמצא כן במקצת כ"י וד"י, וע"פ הדקדוק שניהם ראויים לפתח, ולפי שא"א להכריע איזו מן המסרות היא המתוקנת, עלינו לסמוך על רוב הספרים. אתעקרו – הא' בחירק ברוב כ"י (מ"ש), והק' בפתח, כן בקיטל ובבו"ד ע"פ ס"ס. קדמיה – נמנה בין פתחין באס"פ. אנשא – (כנ"ל ה, כ"א). ממלל – בחירק (מ"ש ובו"ד). ט) י) יתב – שניהם חסרים בס"ם, ודקדוקם: עבר נסתר, וראוי להיות בצירי: „יתב" ע"ד: שלט (ג, כ"ז), אלא שנתהלף הצירי בחירק בסבת ההפסק כמנהג בארמית. ט) כתלג – בפתח בכל הס'. ובמס"ק צ"ל: „ל" (בו"ד). דלק – בחירק (מ"ש). וכן בב"ב ובקיטל ובבו"ד, וכן נכון בסבת ההפסק (כנ"ל ט' י'). י) אלפים – ם רבתי ע"פ המס'. ישמשונה – הנ' דגושה בס"ם. יא) ממללא – הל' רגושה ומנוקדת חט"ס. כן ברוב כ"י, וכן בבו"ד. טו) בגוא – בא' ע"פ המס' (ג, כ"א), וכן בבו"ד. נדנה – הנ' בצירי. כן בבו"ד ע"פ כ"י ובהוכחה מן המס'. יז) אנין – „בס"א אנון כתיב" (ר' בו"ד). יח) עד־עלמא – הע' במונח בס"ם. יט) ליצבא – הצ' בקמץ בכל ס"ם (וכן במ"ש). ובסדעי נדפס: „ליצבא" בחירק, ובבאורו: „ליציבא כמו ליציבה, והוא מקור מן הפועל, ר"ל לקים את האמת וכו'". הדברים האלה סתומים, ואחשוב שנשתבשו הפנים והבאור גם יחד, וצ"ל: „ליצבא כמו ליצבה, והוא מקור מן הפיעל (=הפעל)...". וכן נראה מפי' רש"י ור"ס גאון ז"ל שהבינו את המלה מקור. וכן נראה מן הוולגאטא: Post hoc voluj, diligenter discere, וטעם המלה זקף בכל הספרים מלבד מעט מזער בכ"י, ועמהם קיטל וברד, שהטעימוה רביע. ואולם הזקף מתאים עם הנתוח, שהרי מלת „ליצבא" מופסקת הרבה יותר ממלת „רביעיתא" הזקוקה למשפט התארי שאחריה: „דיהות וכו'", ובטעמים המתרדפים לעולם השני פחות מן הראשון. שניה – בה' בסוף (מ"ש). וכ"ה ברוב הס'. והש' בקמץ כדין הבינונית בקל, והוא פעל עומד, כמו בעברית: מכלים שונים (אסתר א, ז') וכן בנכרא: „שאני התם" (שאני=שני=שנה=שנא) הוא יחיד בינוני מן הקל, והא' לסמן הקמץ, כדי שלא לקרוא: „שני" מן הסביל. והיחידה הבינונית מן „שני". שניא=שניה. כלהון – הל' דגושה בס"מ. מדקה – (כלמעלה ז'). כ) חברתה – פתח בראשה ובסופה בס"מ, ונמנה בין פתחין באס"פ. כג) רביעיה – בה' (מ"ש). ותדקנה – הד' בחט"ס, וסופה פתח ונמנה בין פתחין באס"פ. כד) מלכותא – בא' (מ"ש). כו) יתב – כלה חירק, והת' רגושה (מ"ש).

ח ז) וישליכהו – מלא. וכן נמסר במס"ק: „ג' ול' מלא", ובמס"נ שבוש, שבמקום „קדמא מלא" צ"ל: „בתרא מלא". ח) ותעלנה – חסר י' ע"פ המס', והנ' רפה. טו) כמראה־גבר – במקף. כן בהרבה כ"י וד"י, וכן נכון מפאת קרבת הטעמים. כא) אשר – במונח ברוב כ"י וס"ם. כד) ועם – במרכא בס"מ. קדושים – מלא למערבאי (בו"ד).

ט ד) ואתפללה – הפ' במתג והל' בחט"פ. כן בבו"ד ע"פ ס"י. אנא – הא' במתג ולא במרכא בס"מ. ו) הנביאים – בבו"ד הביאו מס' ע"ז מכ"י ערפורט: „כל כתובים כ"כ במ"א: וכל הנביאים מתנבאים (דה"ב יח, ט')". ועל פיה תקנו במס"נ דירמיה כו, ט"ז במקום „נביאים וכתובים": „נביאים דכתובים". ותקונם אינו עולה יפה, כי לשון המס' הוא: „וכל שאר נביאים וכתובים", וא"כ היה ראוי להיות במס' לפי דרכם: „וכל הנביאים דכתובים" בהשמטת מלת „שאר" ובהוספת ה' ל„נביאים". ונכון יותר תקונו של הח' פ"ד: „וכל שאר נבאים" (ר"ל: שאר הנמצאים בירמיה מלבד הח' כ"כ „נבאים" חסר). וכן שבשו בו"ד גם סוף לשון המסרה, וגרסו: „וכל כתובים חסר במ"א" בהתאם למס' כ"י ערפורט הנ"ל, ולמס"ק דדה"ב יח, ט': „לית מלא בספרא". ואולם למעשה ודאי שיש לנו לסמוך על נוסח כל הספרים, והכ"י בטל במעוטו, ולרשימת מס"ק הנ"ל ר' שם הערתי. ח) ה' – בשם הויה, שכן זה אינו כחשבון קל"ד ודאין (מ"ש). ט) והסלחות – חסר י' ע"פ המס'. יא) תורתך – במונח וזקף בס"מ. יג) ולא – בקדמא. כן בכמה כ"י וד"י, וכן בבו"ד. יד) על־הרעה – בסונח חקף בס"ם. טז) צדקתך – חסר שבחסר ברוב כ"י, וכן בב"ב ובקיטל ובבו"ד. הר – במונח. כן בבו"ד ע"פ ס"י. יז) תחנוניו – במונח חקף. כן ברוב ס"מ, ונכון. כה) להשיב – בגרשים. כן בבו"ד ע"פ ס"י וכ"י, ובהתאם לנתוח. כז) משומם – מלא בבו"ד ע"פ כ"י וע"פ מס' כ"י שמסרה עליו: „ג' מלא". וכן נראה משתיקת המס' בכל ג' המקומות, שהכתיב שוה בשלשתם.

י א) ובינה לו – הל' רפה ברוב הספרים ובמקצתם דגושה. דבר זה תלוי בבאור מלת „ובינה", שאם נסבור בה מקור מארך (כרש"י) או צווי מארך (כראב"ע), הנה המשרת מלעיל בעצם ויש בו דין אתי מרחיק, ואולם אם נסבור בה שם עצם (כראב"ע בפי' הראשון), או בינוני פעול (וכמוה: „ובין" (השוה רש"י ורשד"ל לבמדבר לה, ל"ב): הוא היה מעמיק בעיון הדבר, עד שהנבואה היתה מובנת לו (ר' תרגום יהואש), באפן שהטעם במקומו עראי, ר"ל: נסו"א, אז אין בו דין אתי מרחיק, ורפה אחריו. ז) לא – במרכא. כן בסק"נ, בב"ב, בקיטל ובבו"ד. ח) ולא נשאר־בי – (כלמעלה ו, כ"ד). ט) הייתי נרדם – כן בב"ב ובקיטל ובבו"ד. טז) במראה – בקמץ ע"פ סס' במדבר יב, ו'. יז) מעתה – מלרע והמ' במתג. יט) וכדברו – בכ' ע"פ המס"ק שמסרה עליו: „לית", וע"פ המס"נ דספרא ח, י"ח. וכן בכל ס"ם. כא) הרשום בכתב – כן בבו"ד ע"פ ס"י ונכון.

יא ב) והרביעי – בפשטא. ג) רב – קמץ בז"ק ע"פ המס', כפי שנתקנה ע"י הרוו"ה ובו"ד, ובהסכם לכמה כ"י וד"י. ו) ובת מלך־הנגב – כן ברוב הס' בלי פסיק. תבוא – מלא ע"פ המס' דריש איוב. יג) יבוא – נסו"א בס"מ. טו) מבחריו – „נ"א מבצריו קרי" (ר' מ"ש). טז) ויעמד בארץ – כן בבו"ד ע"פ כ"י וס"י. יח) וישב – בנקוד סין ובדרגא כדין לפני פסיק (משה"ט כ"ט). כ) ועמד – בדרגא (שם כ"ז). לח) בזהב – במרכא (ר' שם). מג) ולבים וכשים – הב' והש' רפות ברוב כ"י וד"י, ובו"ד הוכיחו יפה על רפיון הב' מן המס'. מה) ויטע – הו' בשוא.

יב ב) לחרפות – הל' דגושה מדין אתי מרחיק על מתג. ג) והמשכלים יזהרו – שניהם חסרים ע"פ המס'.

סמן לסדרים נתתי: „צדקי בה", תחת הסמן הנמצא בסוף ספרי תנ"ך: „ועיני רשעים תכלינה וכו'", לפי שראיתי בס' מסרת המקרא של הר"ר פסח פינפער שלפי דעתו דבר בליעל יצוק בסי' זה, שהכניסוהו בעלי דת אחרת ללעוג לתקות ישראל לישועה העתידה, ונראים דבריו נכוחים, כי אמנם כזה וכזה עשו בספרי ישראל. לדוגמה בראב"ע (איוב יג, כ"ז) בסוף הפסוק נמצא: „והוא רמז לבן אדם". צרוף המלים האלה בחבור אל הקודם ודאי מעשה ידיהם הוא. וכן צ"ל שם: „(כח)והוא. רומז לאדם", ור"ל: מלת „והוא" שבתחלת פסוק כ"ח עולה על „אדם" הנזכר בפסוק שאחריו (יד, א'). ומצוה לתקנו.

לאשה", כן ע"פ המס'. סח) סוסיהם וכו' – כל הפסוק שרבוב סוטעה ע"פ הסס' (ר' מ"ש), ודוגמתו ביהושע כא, ל"ו. ובכל ס"ס איננו. סט) חמשים –.בצ"ל בזקף ולא ברביע. ע) דרכמונים – מלא ע"פ המס', וכן בב"ור. עב) והשוערים והמשררים – כן מוטעם בב"ור ע"פ ס"י וכן נכון ע"פ הנתות.

ח ז) יוזבד – כצ"ל בקדמא ולא בפשטא. ט) הכהן – בפסיק בס"מ. היום קדש – בקדמא ומרכא, כן בב"ור, ונכון. י) ממתקים – הת' רפה בב"ב, וכן בב"ור ע"פ ס"י. יא) הסו – סלעיל בכל ס"מ, לפי שחשבו את הו' יתרה, משום שמלת התרגשות אין הבחנת מין ומספר ראויה בה. ואל – בטפחא בס"מ, כפי הכלל: "אין אס"ף בלא טפחא". טו) ישמיעו – בתל"ג (ולא ברביע) לפי הנתוח, וכן בב"ור ע"פ ס"מ. קול – במונח, והוא יוצא מן הכלל (מש"הט ט"ז ע"ב). ועלי עץ – כן בב"ור ע"פ ס"י, ונכון. הדס – בפתח בס"ס. עבות – מלא בב"ור ע"פ ס"י, ושבוש במס' (ר' הערת ב"ור).

ט ב) אבתיהם, וכן: כג) לאבתיהם – חסר ו' ברוב הספרים, ונכון (ר' עזרא ח'). ד) ובני – הנ' בחירק בס"מ. ה) ומרומם – בקמץ. כן בב"ד ע"פ רוב ס"י. ומרומם על־כל־ברכה – כן מוטעם בב"ור ע"פ ס"י, ונכון. יב) הנחיתם – מלא ברוב הס'. יד) ומצוות – הטעמת ב"ור: "ומצוות ותקים" אינה נכונה לפי הנתוח. טו) נתת – חסר ה' (מ"ש ע"פ סס' כ"י, וכן ב"ור), וכן הובא בק"הנ למערבאי. יז) ויתנו – במרכא (ב"וד ע"פ ס"י). ורב – .נ"א רב", כן בסס' או"א סי' ל'. כב) ואת־ארץ עוג מלך – כן מוטעם בב"וד ובכמה ס"י. כג) לאבתיהם – הל' דגושה מדין אתי מרחיק בעלילת מתג. כט) סוררת – בזכריה ז, י"א נמסר: "ג' ב' חסר", וע"פ רוב הס' זה הוא המלא. לו) לאבתינו – הל' דגושה (כנ"ל כ"ג).

י יא) קליטא פלאיה – במרכא וטפחא, והפ' רפה. כן בכמה כ"י, וכן בב"וד, ונכון. לב) המקחות – המ' בחירק. כן בב"ור ע"פ המכלול. לד) וכל־מלאכת בית – כן בב"ור ע"פ ס"י. לה) והנורלות – סלא דמלא, שכן אינו בכלל ד' חסרים שנמנו בכמס' דויקרא טז, ח', ושבוש במס"ק. לז) וצאנינו – בי' ברוב הספרים, ונמסר עליו: "לית כ"כ". לח) הלוים – בזקף כמעט בכל ס"י וכ"י, וכן בב"ור.

יא א) נורלות – מלא דמלא (כנ"ל י, ל"ה), ושבוש במס"ק. נ) באחזתו – הז' דגושה. ז) בן־קוליה – קדמא ודרגא במלה אחת כן בב"ב ובב"ור, וכן מוכרח להיות, שכן אין תל"ק שאין אחריה קדמא. יב) עשה – בה', שכן לא נמנה בכלל "י"ו כתיבן י'" בפ' ויקהל. וכן בב"וד (ר' מ"ש). כח) ובצקלג – הצ' במתג והל' בפתח. כן בס"מ. ל) ויחנו מבאר – כן מוטעם בב"ור ע"פ ס"י. לא) מכמש – בקמץ ובסין בס"מ.

יב ד) עדו – בלי א' בסוף (כלמעלה עזרא ו, י"ד) ע"פ המס', וכן בב"וד. נגתוי – "בס"א גנתון" (ר' מ"ש). י) ואלישיב את יוידע – בלי מלת "הוליד". כן בב"ד ע"פ ס"י וכ"י (ור' מ"ש). טו) לחרים – זה מלא בב"ור ע"פ ס"י. כב) על – "סבירין עד". כן במס' דפ' ויחי. ל) ניטהרו – הט' בפתח בכ"י מדויקים. לט) ועל... ועל – "סבירין ועד". כן ע"פ המס'. מא) אליועיני – בפתח ומלא דמלא ע"פ המס'. מנ) וישמחו – מלעיל בס"מ. ונם הנשים – כן מוטעם בב"ור ע"פ כ"י, ובהתאם לנתוח. ירושלם מרחוק – (מ"ש וב"ור). מד) ולמעשרות – הע' בשוא בס"מ. מה) ושלמה – בו' החבור. כן בב"וד ע"פ ס"י וכ"י. מז) נתנים – כתביר לפני תביר. כן בב"ב ובב"ור (ור' מש"הט כ"ו ע"ב).

יג טו) ביום מכרם – בטפחא ומרבא בס"מ. יז) אשר – במונח. כן בב"ב ובב"ור ובכמה כ"י. יח) אבתיכם – במונח וזקף בס"מ. כא) אלהם, וכן: כב) ובאים – בפשטא בס"מ. כה) ואשביעם, וכן: כח) ואבריחהו – מלאים י' בכל ס"מ. ומה שנמסר על "ואשביעם": "ר' בלישנא", אין הכונה על מלא וחסר כלל, אלא על הניב "השביע בשם", וציון המס' צ"ל בין המלים. וחבריו הם: בבראשית כר, נ', מ"א ב, מ"ב, ודה"ב לו, י"ג. ל) וטהרתים – ם זעירה ע"פ מס' או"א סי' פ"ד. לא) בעתים מזמנות – במק"ג יש ביניהן פסיק, אבל לא נמנה בפסקתא דספרא. בשולי הגליון: "סכום פסוקי דעזרא ונחמיה תרפ"ה", ולא תרפ"ח (ר' מ"ש), וע"כ נתתי בהם סי' בהתאם לענינם:

"בונה ירושלים ה'."

# דברי הימים א'

א א) אדם שת – במרכא וטפחא (ולא בהפך) ברוב הס', וכהטעמת הפסוקים בני נ' מלים שלאחריו. ו) ודיפת – בד', ולהפך: ז) ורודנים – בר'. כן הם ע"פ המס'. ט) כוש – בזקף כמעט בכל הספרים וכ"י, ומתאים לנתוח. וב"ור (ולפניהם הרוו"ה) הטעימוה רביע כמקצת כ"י, ונסתיעו סהטעמתה בתורה (בראשית י, ז'), אבל גם שם מוטעמת זקף ברוב הספרים, וכאמור הוא הנכון, וכן הוא בחומש רשד"ל, ולא עלה על לבו כלל לשנותו לרביע בתקוני הטעמים שלו בכ"ח ט'. והרוו"ה שהטעים "כוש" ברביע, והקיף "בני־יפת" (פסוק ה'), "בני־אצר" (מ"ב), ראה הכרח על זאת במס' רבתא אות בן: "בני פלוני ה' בטעם בד"ה וסי' בני שם, בני יצחק, ובני שעיר, בני שובל, ובני דישן חמרן ואשבן", שהוקשה לו ממה שנמצא עוד בכמה מקומות בר"ה "בני פלוני" בטעם מונח וזקף. וע"כ החליט לגרוס בסס': "ה' בטעם בענינא בד"ה", נר"ל בפרשה ראשונה בלבד, ובאשר עמדו לנגדו "בני יפת, בני אצר", שגם הם מוטעמים מונח וזקף ברוב הספרים, נטה אחר המועט להקיפן. ולא שם על לבו כלל שזה בלתי אפשר, שהרי אלו היו מוקפות, אז היה ראוי להיות טעמן זקף גדול (ר' תל"ע סי' שפ"ט 2 ודקרוק קטן לרס"א דף י"ב) ולא ז"ק. וב"ור כנראה הבינו את זאת, וע"כ סרו מאחר סס' שלנו בכלל, ונטו אחר סס' כ"י שזו נירסתה: "בני פלוני ה' ר"פ בטעם מונח בענינא בד"ה, וסי' בני יפת, בני שם, ובני שעיר, בני שובל, בני אצר". וכפי סס' זו לא הוזקקו אלא לשנות הטעמת "כוש", ע"כ העליטו עיניהם כזו מן הנתוח והטעימו "כוש" ברביע, מה שא"א כנ"ל, ואם יש שנוי בהטעמת "כוש" לפי אותה סס' אינו אלא מקף וז"ג (ובני־כוש), ורגלים לדבר מלשונה: "בטעם מונח" ולא: "בטעם מונח וזקף". סוף דבר: אחר שהענין מסובך והמסרות חלוקות ביניהן, אין לנו אלא ללכת אחר נוסח רוב הספרים. ורעמא, רעמא – שניהם בא' ע"פ מס' פ' נח (ר' מ"ש). ומה שנרשם במס"ק על "שבא": "ל' כתיב א", צ"ל על "רעמא". יג) צידון – מלא ברוב הס' כרשימת מס"ק. יד) ואת־האמרי – במונח וזקף בכמה ס"מ ועמהם ב"ור. טו) הערקי – במס"ק: "ב", ר"ל: שנים הם שהה' בפתח. חברו בבראשית י, י"ז. אבל הנקוד הרווח בשניהם הוא בקמץ, ואולי צ"ל: "ב". כט) תלדותם – כצ"ל ע"פ המס' דשמות ו, ט"ז (ר' מ"ש). לו) ותמנע – כצ"ל בקמץ ע"פ מערכת הסס' ערך פת ואו"א סי' כ"ב: "נ' מלין פתחין חד חד ולית דכותיה", וע"פ מס"ק דבראשית לו, י"ב (רוו"ה וב"ור). אבל סמס"ק דשם לו, מ': תמנע "כלהון קמץ בר מן חד" אין להוסיף סיוע ע"ז (כרוו"ה וב"ור), לפי שבזה מסתבר כבעל מס"הק שהוא טעות המעתיק ושיך למלת "אלה" (מ"א), שבכ"מ הא' בקמץ קטן (=צירי) מלבד פעם אחת (יהושע כד, כ"ו). מן) בלע – במונח (ולא ביתיב). כן בב"ור ע"פ כ"י, וכן נכון, לפי ש"בקבעור" מלה זעירה. מט) עכבר – חסר ע"פ המס"ק דבראשית לו, ל"ח. נא) תמנע – בקמץ (כנ"ל ל"ו).

ב נ) ויהי – בגרשים, וזה אחד מחמשה בד"ה המוטעמים כן ע"פ הסס', וחבריו: בדה"ב ח, א', י, ב', יב. ב', כט, ל"ב. והו' בלי מתג. בכלל אין מתג נוהג במלת "ויהי", אלא כשהיא מוטעמת פשטא או מוקפת. ד) ילדה־לו, וכן: ה) בני־פרץ – בזקף בב"ור ע"פ ס"י. טז) ועשה־אל –

ב׳ מלים מוקפות בכל ספרי דפוס (סלבד ב״ור) שראיתי, וכן בקיטל. כא) ואחֵ֗ר – בגרשים. כן בב״וד ע״פ ס״י. כג) נֹשֵׁור . . . בְּנֵי מָכִ֗יר אֲבִ֗י – (הנ״ל כנ״ל). כט) אביהיל – בה׳ ע״פ המס׳, ונמסר עליו: „ב׳, וחברו בדה״ב יא, י״ח, ושם נמסר: „ב׳ ובספרא״. ובשני המקומות הוא שם אשה. מ) סָסְמָ֗י וְסַסְמַ֗י – הראשון קמץ בז״ק והשני פתח. כן בס״מ, וכן נכון ע״פ מס׳ או״א סי׳ כ״ג. מט) מכבנה – בה׳ ברוב ס״מ. נג) הַצָּרְעָתִ֗י – הצ׳ בלי מונח (או מתג) בכמה ס״מ ועמהם ב״וד, וכן נכון, לפי שהוא קמץ קטן הברה סגודה, וכנקוד השם „צָרְעָה״ בכ״מ. והאשתָאלִ֗י – במאיילא. וזו אחת מחמש מלין המוטעמות כן ע״פ מס׳ ויקרא כא, ד׳. נה) הַקִּינִ֗ים הַבָּאִ֗ים – בז״ק וז״ג. כן בב״וד ע״פ ס״י, ומתאים יפה לנתוח.

ג ה) וכן להלן: כ, ח׳: נוּלְּדוּ – הנ׳ שרוקה והל׳ דגושה. ונ״ל ברקדוק המלה, שיש בה הרכבת נפעל עם הֻפעל, או יותר נכון: עם פֻּעל (ר׳ חל״הפ הערה 116), דוגמת: נְגֹאלוּ (ישעיה נט, ג׳), ומלה זו בשלמותה: נֻהֻלְּדוּ (ור׳ רש״י במדבר ה, כ״ב), והוראתה כאן: התיחסו להיות מן הנולדים לו בירושלים אחר המשחו למלך על כל ישראל, וראויים אפוא ביותר לירושת המלוכה (ר׳ רל״בג ש״ב ה, י״ב), ולהלן: התיחסו להיות מילידי הרפא. ושורק זה אינו באמת אלא קבוץ בקריאתו (ר׳ דר״ק), ובא בתמונת שורק בסבת הו׳ של הכתיב „נולדו״. וע״כ לא נמתגה הנ׳ בס״מ, וממילא נפטרה גם מדגש אתי מרחיק הבא בסבתו. יז) ובְנֵ֗י יכָנְיָ֗ה אסִּר – הטעמים מתמיהים, שהרי היר״ל: „וּבְנֵ֗י יכָנְיָ֗ה אסִּ֗ר״, ואולי כונת הטעמים: יכניה בהיותו אסיר, ורומז לאגדת סנהדרין ל״ז. וכן דעת שנים מחכמי העמים: קלארקע ובוטה. אך יותר נ״ל ש„אסיר״ הוא שם כבוד שקרא לו אויל מרדך (ר׳ ימים מקדם לה״הג ר״ח הירזשענזאן, צד 31), וצרוף „יכניה אסר״ הוא ע״ד „נחמיה התרשתא״ (נחמיה י, י״ב). כ) יֽוּשַׁב־חֶ֫סֶד – במקף בב״וד ע״פ כ״י. כד) וַעֲנָ֗נִי – מלרע ברוב ס״מ.

ד ו) אחֻזָּם – הז׳ רפה בב״וד ע״פ כ״י, ונסתיעו מהמס׳ שמסרה עליו: „ל׳ וחסר״, מזה ראיה שחשבו את התנועה שורק חסר. י) מרעה – הם׳ דגושה מדין אתי מרחיק בעלילת מתג. וַיָּ֫בֵא אלהִים אֵת אשר־שָׁאָל – כן בב״ור, ונכון. גדור – מלא בב״וד, וכן ברוב כ״י. יט) ובני אשת הודיה – הטעמים מתמיהים, שהיר״ל: „וּבְנֵ֗י אֵ֣שֶׁת הוֹדִיָּ֗ה״, ונראה שסבר בעה״ט, ש„אחות נחם״ שם האיש. כח) וַיֵּשְׁבֽוּ – במרכא ותביר (משה״ט כ״ו ע״ב). וכן בב״ור. לו) ואליועני – זה בב״וד ע״פ ספרים כ״י וע״פ מס׳ כ״י חסר י׳. והם נ׳ חסרים: הא׳ בעזרא י, כ״ז, ושם נמסר עליו במס״ק: „ה׳ ול׳ חסר״, ור״ל: לית שָׁאֻל – כן בב״וד, ונכון. יח) היהדיה – הי׳ הראשונה דגושה ברוב הס׳. גדור – מלא בב״וד, וכן ברוב כ״י. יט) ובני אשת הודיה – הטעמים מתמיהים, שהיר״ל: „וּבְנֵ֗י אֵ֣שֶׁת הוֹדִיָּ֗ה״, ונראה שסבר בעה״ט, ש„אחות נחם״ שם האיש. כח) וַיֵּשְׁבֽוּ – במרכא ותביר (משה״ט כ״ו ע״ב). וכן בב״וד. לו) ואליועני – זה בב״וד ע״פ ספרים כ״י וע״פ מס׳ כ״י חסר י׳. והם נ׳ חסרים: הא׳ בעזרא י, כ״ז, ושם נמסר עליו במס״ק: „ה׳ ול׳ חסר״, ור״ל: לית חסר בספרא, והב׳ והג׳ הם בדה״א ד, ל״ו, ז, ח׳. ורגלים לדבר שכן נמסר במס״ק בששה מקומות: „ה״ (בעזרא י, כ״ב וכ״ז, בנחמיה יב, מ״א, בדה״א ג, כ״ג וכ״ד, ח, ח׳). הלא נראה בעליל שבאחד מהם צ״ל: ח(=חסר), ולפי הנ״ל הוא של ז, ח׳. וגם מס׳ רבתא משובשת בתחלתה ובסופה, במה שמסרה על אותו דעזרא י, כ״ב חסר, מה שהוא נגד נוסח הספרים ונגד המס״ק שמסרה כן על אותו דפסוק כ״ז שאחריו, ובמה שלא מסרה את החסרים דד״ה. והחמשה המסורים במס״ק הם כלם בלי דהחבור. ויעקבָ֗ה – מלרע בב״וד ע״פ כ״י. ועשיה . . . וישימאל – שניהם בסין בכל הספרים. לח) לרוב – נמסר עליו: „ב׳ מלא״. וחברו בדה״ב לא, י׳. וכן נמסר עליו שם. ומה שנמסר גם על אותו של דה״ב ל, י״ג: „ב׳״, שם הכונה על הניב „לרב מאד״, והציון צ״ל בין המלים, וחברו שם כד, כ״ד. מא) נמצאו־שָׁמָּ֗ה – במקף ובפשטא. כן בב״וד ע״פ ס״מ. ובהתאם לנתוח, שכן ההכאה וההחרמה חבורן הניוני.

ה א) ראוּבֵ֗ן – במרכא בסבת המתג שבמלת הזרקא (משה״ט י״ז). י) עִם־הַֽהַגְרִאִ֗ים – במונח וזקף בס״מ. יא) עד־סַלְכָֽה – הס׳ במתג בס״ס לעכב טמיעת הל׳ לפני הכ׳ המוטעמת. יב) וְיַעְנַ֗י – בחט״פ בס״מ. יד) אביחַ֗יל – ברביע, ולא במונח כנמצא במקצת ספרים, וע״כ „אלה״ בלגרמיה. יחדו – „נ״א יחרי כתיב״. כן הוא ע״פ מס״ג דלהלן ח, ז׳, ומס׳ או״א סי׳ רי״נ אבל לא נמנה עם „כ״ד מלין כתיבן י׳ בסוף תיבותא וקרינן ו׳״ (סי׳ קל״ז), וע״כ נראה שהיא במחלוקת. טז) וַיֵּשְׁבֽוּ – (כלמעלה ד, כ״ח). ובבנתיה – ח״ו ע״פ המס׳. יז) התְיַחֲשׂוּ – הת׳ בחט״פ בס״מ. יח) וחֲצִי – (כפסוק א׳). כא) מקנֵיהֶ֗ם – ברביע. כן בב״וד ע״פ ס״י. וכן נכון ע״פ הנתוח, לפי שהגמלים, הצאן והחמורים הם פרטי המקנה. וצֹאן – ברביע, ולא בפשטא, שכן אין הפשטא מתרדף שלשה (משה״ט ט׳). כה) אלהֵ֗י עַמֵּ֗י – ב״וד ע״פ ס״מ. כו) תִּלְגַּת – הל׳ דגושה והג׳ רפה בס״מ כלמעלה (ו׳), וכן להלן דה״ב כח, כ׳.

ו ד) וּמֻשִׁ֗י – הש׳ רפה אחר שורק חסר. ו) יאָתְרַי – הא׳ בקמץ ובמתג בס״מ. ז) עמִינָדָ֗ב בְּנ֗וֹ – במונח וזקף. כן בב״וד ע״פ כמה ס״י. יג) הבכר ו – נמנה בין פסקתא דספרא. יז) לִפְנֵ֗י – בקרמא (ולא בפשטא) בכל הספרים (חוץ מלטריס), וכן נכון מפאת חקי ההטעמה, לפי שאין פשטא מתרדף אא״כ קדמו רביע, וגם מפאת הנתוח, שכן מלת היחס בסמיכותה לשם אדוקה בו יותר משם הסמוך לשם שהוא עצמו סמוך לסומך הסמוך, כמו: כָּל־עֲבֹדַ֗ת מִשְׁכַּ֖ן אֹ֣הֶל מוֹעֵ֑ד (שמות לט, ל״ב), שראשון ראשון מרובה בהפסקו, ובכ״ז מלת „כל״ מוקפת. ואין מלת היחס מופסקת כדין השם אלא א״כ יש בה נחץ מיוחד, כמו: כָּל קְהַ֗ל עֲדַת־יִשְׂרָאֵ֗ל (שם יב, ו׳), וכן: אַחֲרֵ֗י דֶּ֚רֶךְ מְב֣וֹא הַשֶּׁ֔מֶשׁ (דברים יא, ל׳), שענינו: פְּנֵה וַהֲל֣וֹךְ הרבה על פי הכוון המערבי, וכמו שבאר הראב״ע ז״ל: „שתלכו אחר צד מערב ותמצאום״. „דרך״=כוון. השוה: הבט דרך ים (מ״ב יח, מ״ג), „אחרי״=אֶל, השוה: אחר המרבר (שמות ג, א׳). וכן דעת רש״י ז״ל שם, אלא שהוסיף עוד הבחנה רקה במלת היחס „אחרי״, ממה שבאה בתמונת הרבוי, שיש בה חזוק והפלגה של כוון אחר כוון בהלוך מרובה, ובהתאם לכללו של ר׳ נחמיה: „אחר סמוך ואחרי מופלג״, ולולי נחץ המלה, היתה אדוקה ביותר אל „דרך״, והיתה מוטעמת במהפך נסו״א ו„דרך״ בפשטא. לד) לְכָל־ – במקף. כן בב״ור ע״פ ס״מ. מג) חילן – בס״א „חילז״ (ר׳ מ״ש). מה) עַלֶּמֶת – „בס״א עָלֶמֶת״ (שם). נז) וּמִמַּטֵּה֗ – בפשטא (ולא במונח) כדין לפני מלה כבירה. סו) יַעְזֵיר – הע׳ בשוא פשוט ומלא י׳ ע״פ המס׳.

ז ב) רָאשִׁ֗ים לְבֵ֣ית אֲבוֹתָ֗ם לְתוֹלָ֗ע – כן מוטעם בב״וד ע״פ ס״מ. ושְׁנַ֗יִם – בתביר (הנ״ל). ג) חֲמִשָּׁ֗ה רָאשִׁ֗ים – (הנ״ל). וכן נכון לפי הנתוח. ח) ואליועני – (כלמעלה ד, ל״ו). וירֵמות – חסר י׳ אחר הר׳ (מ״ש), וכן לעולם כשהר׳ מנוקדת צירי. יב) בני־עיר – במקף. כן בב״וד ע״פ ס״י. יג) נפתלִ֗י – ברביע. כן בכמה כ״י, ונכון. כג) בְּבֵיתוֹ – הב׳ דגושה כדין ב׳ שואית לפני בפ״. כח) בית־אל – (ר׳ בראשית יב, ח׳). עד־עַיָּה – כצ״ל (ולא: עזה), וכן כתיב וקרי למערבאי, ואף למדנחאי „עיה״ קרי בי״, אלא שנוסחתם: עַדְעַיָּה מלה אחת (מ״ש), וב״וד הביאו נירסא בחלופין: למדנחאי „עיה כתיב עזה קרי״. ובכל אפן מסרתנו היא מערבאית ולפיה עַד־עַיָּה כתיב וקרי, שכן במס״ק נמסר עליו: „לית״, ור״ל כניב הזה: עד־עיה, ואם זו אינה ראיה, כי אף למדנחאי „עדעיה״ לית, הנה במס׳ או״א סי׳ א׳ נמסר חד עיה (זה שלפנינו) וחד ועיה (נחמיה יא, ל״א), וזו ראיה ברורה. ואין לכחד שנמצא גם מסרה נגד זה באו״א סי׳ רמ״ו: „י״ז יחידאין עד ולית דסמיך״ ולא נמנה זה ביניהם, ואפשר שלא נמנה שם אלא מה שהוא לדברי הכל, משא״כ זה שהוא במחלוקת מדנחאי. ואולם הגר״א ז״ל קרא „עזה״ וקבע מקומה „במקצוע מערבית צפונית לאפרים, ולא זו עזה שביהודה״, והוא פלא שתפס כנוסח מדנחאי הנ״ל. והנה הח׳ ר׳ יעקב קאפלאן העיר בס׳ מחקרי ארץ (לר׳ שלמה לעווענזאהן) בערך תפסח, שמאחר שנודע לנו ממציאות שתי ערים בשם תפסח, האחת על יד נהר פרת הנודעת בספרי העמים בשם Thapsacus שהיתה בקצה מזרחית צפונית לממלכת שלמה, והאחרת בשם זה בגבול אפרים סמוכה לשמרון ותרצה, והיא זו שהכה מנחם מלך ישראל (מ״ב טו, ט״ז), הנה לפי דעת הגר״א ז״ל שנמצאה עיר עזה באפרים, תובן היטב מחלוקת רב ושמואל (מגלה יא, א׳): „חד אמר תפסח בסוף העולם (=סוף גבול ארצו) ועזה (שביהודה) בסוף העולם (סוף גבול המערבי), וחד אמר תפסח ועזה (האפרתיות) בהדי הדדי הוו קיימי וכ״ו״. והנה

„מַחְצְרִים"=מחַצְּרִים, בסרוס השוא והפתח בסבת הגרונית, דוגמת: מַחְלְמִים (=מְחַלְמִים) (ירמיה כט, ח׳), מַהְלְכִין (דניאל ד, ל״ד), מַעְזְרִים (דברי הימים ב׳ כח, כ״ג), ע״ש. ואפשר שבהספה תנועה בראשו, אין הסרוס הזה נוהג, וע״כ: לְמַחְצְרִים (י״ג). וקריאת המלה לפי הכתיב היתה כאן ודאי: מְחַצְרְרִים, מבנין פַּעְלַל, שנמצאו ממנו חמשה פעלים במקרא: רענן, שאנן, אמלל, צמתת, נפלל (יחזקאל כח, כ״ג), כמו שכבר שערו אחרים לפני, אבל בכל יתר המקומות נ״ל שהיתה קריאת המלה: מְחַצְצְרִים (ולא: מַחְצְצְרִים, כדעת פירשט בלקסיקון שלו, ולא: מַחְצַצְרִים, כדעת אחרים), אלא שברהיטות הדבור נבלעה צ׳ אחת בחברתה (דוגמת: יִשָּׂשכָר=יִשְׂשָׂכָר מן יש שכר), ואחר זמן נעשה סרוס הנקוד כנ״ל.

ו ט) היוצא – מלא. כן בקיטל ובב״ב ובב״וד, וכן הובא בקה״נ מכל כ״י וד״י. טו ותדבר בפיך – כן (ולא במרכא ותביר) בב״וד, ונכון, כי הדבור היה לפני היום הזה. טז) לעבדך – אין זה פשטא אלא קדמא, וע״כ ר״דויד רפה. כן בס״מ. ובמקצת ספרים הד׳ רנושה, לפי שחשבו את הטעם של „לעבדך" פשטא כלמעלה בפסוק ט״ו, אבל לפי הנתוח איננו כן, כי אמנם בשניהם „שמרת", „שמר" מופסק יותר מן „לעבדך" ופחות מן „אבי", וע״כ למעלה ש„אבי" מוטעם זקף ראוי „לעבדך" להטעמת פשטא, אבל כאן שהוטעם „אבי" בפשטא ו„שמר" בתל״ג, אין ראוי „לעבדך" אלא לקדמא שלפני המהפך שיש בו לפעמים הפסק מעט, אבל אין בכחו להדגיש אחריו. לו – הל׳ רנושה מדין אתי מרחיק. כ) פתחות – חסר ו׳ קדמאה (מ״ש וב״וד). כב) ונשא – במקצת כ״י: „ונשא" בש׳ ימנית, כאן ובמלכים א׳ ח, ל״א, וכן בב״ב ובב״וד בשני המקומות, והם (ב״וד) נכתיעו גם מן המס׳ שמסרה עליהם: „ב׳". אבל אין ספרינו מסכימים כן, וגם אין זה מוכרח מן המס׳, כי אפשר מאד שכונתה לומר: „ב׳ דסמיכי", ר״ל שהניב „ונשא בו" נמצא בשני המקומות. כג) להשיב – מלא כרוב הספרים, וכן ברוב כ״י שהובאו בקה״נ. כד) כו) לב) לד) לח) והתפללו – הפ׳ במתג והל׳ רפה בס״מ. ל) שבתך – כן בס״מ ועמהם קיטל, וכן ברוב כ״י. ונראה שכן נקוד המלה לעולם כשהיא נמר המשפט, ובמ״א ח, מ״ט, אע״פ שאינה נמר המשפט, הנה שתי המלים „מכון שבתך" משמשות שם לואי ל„השמים", ומורגש בהן הפסק. משא״כ כאן בפסוק ל״ט שנאמר: „ממכון שבתך", אינו כשם לואי, אלא כחוזר שוב אל „ושמעת", וע״כ נכון בזה: שִׁבְתְּךָ. לד) אליך – בז״ק בס״מ, וכן נכון. לז) ושבו – כצ״ל מלעיל. והתחננו – הח׳ במתג והנ׳ רפה בס״מ. לח) אשר־שבו – כצ״ל מלרע ע״פ המס׳ והדקדוק. לאבותם – מלא במק״ג ובב״ב וברוב כ״י וד״י, ומן המס׳ אין הכרע. מא) קומה – מלרע ע״פ המס׳, וכן בכ״מ כשהוא סמוך לשם הנקרא באדנות, כדי לעכב הבלעת הא׳. כהניך – בגרש בס״מ.

ז ב) הכהנים – במונח וזקף בס״מ. ג) הרצפה – הר׳ במתג והפ׳ רפה (ר׳ יחזקאל מ, י״ז). ה) את־זבח הבקר – כן מוטעם בב״ב ובב״וד, וכן בכמה כ״י, וע״כ נמסר על „את־זבח" לית בטעם, ר״ל שלא נמצא יותר בטעם סגול. ויש נוסח: „שלמה את־זבח הבקר", ודוגמתו: למשיחו לכורש | אשר־החזקתי בימינו (ישעיה מה, א׳), אבל אינם שוים לגמרי, ששם יש לגרמיה בין הזרקא לרביע, והנה גם ע״ז תכון רשימת הסס׳: „ל׳ בטעם". אבל הספרים המנסחים: „את־זבח הבקר", הם ודאי נגד המס׳, וגם נגד הנתוח ההגיוני, שהרי מאחר שהסגול כחו גדול כשל אתנח, ראוי שיהיה „בקר" כלל ואחריו פרטיו. וא״כ חסר הנושא ל„עשרים ושנים אלף", וגם א״א ל„צאן" שיהיה בכלל „בקר". ו) בכלי שיר־ – כן בב״וד, ונכון. ז) יכול – מלא בכל ס״מ, והוא אחד מן „ה׳ מלאים", והוחלף בשבוש במס׳ דבמדבר יג, ל׳ בשל מ״א ה, י״ז החסר באמת, כמו שכבר העירו ע״ז הח׳ פ״ד וב״וד. ח) קהל גדול – בטפחא ומונח בס״מ. יט) אתם – בזקף (ולא ברביע) ברוב הספרים בהתאם לנתוח, ושבוש בב״וד. כא) אשר – כן בב״וד, ונכון.

ח ב) אתם – חסר ע״פ המס׳ דתהלים ט, י״ג. וכן בב״ב. ג) חמת – בקמץ ע״פ המס׳ דעמוס ו, ב׳. וכן בב״וד. ו) ואת – בקדמא. אשר – (כלמעלה ז, כ״א). ט) ומן־בני ישראל – כן מוטעם בב״וד ע״פ ס״מ, ונכון, כי לפי״ז הכונה, שמהם לקח למלאכת המלך (=להנהגת המלוכה), כי המה וכו׳. כי המה – כן בק״הנ מפי כל ספרים כ״י וד״י, וכן בב״וד.

יא) אשר־בנה – במקף ומונח נסו״א. כן בב״וד ע״פ ס״י, ובהשואה לשל בראשית ט, כ״ד, יג, נ׳ וד׳. יג) לשבתות וכו׳ – ההטעמה שבפנים נמצאת במקצת כ״י שהובאו בק״הנ, אבל מתאימה יפה לנתוח, וההטעמה המוערת היא הרווחת. טו) ולא־סרו – במקף בב״וד ע״פ ס״י. יז) לעציון – בקדמא. כן בכמה ד״י, וכן בב״וד.

ט י) חירם – „חורם קרי" (מ״ש ע״פ המס׳). וכן הובא באו״א ק״מ. כא) ותוכיים – מלא ו׳. בק״הנ הובא כן מכל ספרים כ״י וד״י, ובקצתם נמסר: „ב׳ חד מלא וחד חסר", או: „ל׳ מלא". כט) על־ירבעם – במקף בס״מ.

י ה) אלהם – בזקף במקצת כ״י ועמהם ב״וד, וכן נכון, ואינו דומה למ״א יב, ה׳, לפי שכאן חסרה מלת „לכו", ונמצא הכל מאמר אחד. ו) עמדים – ברביע. כן בב״ב ובב״וד ע״פ ס״ם כמ״א יב, ו׳ (ור׳ תו״א 66). בהיתו – חסר ומלרע בס״מ. יד) לאמר אכביד – טז) וכל־ישראל כי – כצ״ל בשני הפסוקים (ר׳ מ״ש). וכן בב״ב, ובב״וד ע״פ הרד״ק במכלול ור״י אבן נאנת בס׳ הרקמה 154, ופרחון צד 5. טז) בבן־ישי – הב׳ דגושה כדין ב׳ שואית לפני בפ.

יא ד) לא (תעלו) – במונח בס״מ. ולא תלחמו – כן מוטעם בכמה כ״י וד״י, וכן נכון ע״פ המס׳, שכן זה לא נמנה בכלל „ד׳ מלין בטעם תל״ק ואחריה אזלא וטרס במלה אחת" (ר׳ מש״הט כ״א ע״ב). כי – בדרגא בכל ס״מ. י) ובבנימן – כצ״ל, ולא: „ובניםן", כמו שהוא בלטרים, שהרי נמסר עליו: „ב׳ א׳ מלא וא׳ חסר", והנה זה הוא החסר, וחברו בשופטים י, ט׳ והוא מלא, משא״כ „ובנימן" יש הרבה. י) מצרות – חסר ו׳ קדמאה ע״פ המס׳ שמסרה על של פסוק י״א: „לית מלא", ונמצא שכלם זולתו חסרי ו׳ קדמאה, ודישעיה (כט, נ׳) חסר דחסר. וכן בב״ב ובב״וד, ובק״הנ הובא כן מכל כ״י וד״י. יד) כי (הזניחם) – במונח בב״וד, ונכון. יח) אביהיל – בה׳ ע״פ המס׳ (ר׳ דה״א ב, כ״ט). יט) זהם – כצ״ל מלעיל. כא) נשים שמונה – כן בס״ם.

יב ז) ובדאות – כצ״ל בב׳, שהרי נמסר עליו: „לית", אבל „וכראות" יש עוד שנים. כמעט – כצ״ל בפתח כמו שהוא ברוב ס״מ, וכמעט בכל ספרים כ״י וד״י כפי שהובא בק״הנ. ח) ועבדת – זה אחד מחמשה חסרים ע״פ המס׳. יג) כי – במונח בס״מ. ושבע עשרה – ב׳ מרכות משרתי לגרמיה לב״א (מש״הט כ״ג ע״ב).

יג ב) ומלחמה – במרכא (ולא בדרגא) (ר׳ מש״הט כ״ז ע״א). יא) ובערב־בערב – במקף. כן בב״ב ובב״וד, ונכון. כי – כן בב״וד, ונכון. יב) אל־תלחמו – במרכא עם התביר (ר׳ מש״הט כ״ו ע״ב).

יד ב) ויסר – בתביר בכל הספרים, וכן נכון, ולא כמקצת כ״י המטעימים ז״נ, שכן דרך ההטעמה לחבר את הנשוא למשלימו הראשון, השוה: ותתן את־המטעמים ואת־הלחם (בראשית כז, י״ז), ובפסוק הבא: ולעשות התורה והמצוה. ה) כי | שקטה – כן בב״וד, ונכון. ז) לאסא – ברביע. ובלטרים ובב״וד שבוש שהטעימו זקף מה שא״א לעולם באבר הסגולי שבפסוק. ט) צפתה – בפתח ות׳ רפה בס״מ, השוה: נתה (ס״א כ, מ׳). י) לעזור . . . יעצר – הע׳ בשוא פשוט.

טו ה) על כל־ישבי – בטפחא ומרכא. כן בכמה כ״י וד״י, וכן בב״וד. ח) אולם – במלה זו הקמץ קים אף בסמיכות.

טז א) עלה – בנרשים בס״מ, וכן נכון. ובמקצת ספרים ז״נ, ואינו אלא שבוש. בעשא – בש׳ ימנית ברוב הספרים. מלך (יהודה) – במרכא בב״ב ובב״וד. ב) מאצרות – במרכא עם התביר (כלמעלה יג, י״א). ח) הלא – בדרגא ברוב ס״ם, ובמקצתם לגרמיה, והראשון נ״ל עיקר, שכן דרך „הלא" להתחבר עם שלאחריו, וביחוד לפני מונח ורביע, כמו: הלוא־איש אתה (ש״א כו, ט״ו). לחילן לרב – בינתים פסיק, ונמנה בין פסקתא דספרא. ט) מעתה – מלעיל בס״ם. יב) שלושים – הטעם על הש׳ בס״ם, וכן נכון. לפי שהוא קדמא. יד) אשר־כרה – כן בב״וד ע״פ ס״ם, ונסתיעו מן המס׳ שמסרה עליו: „ב׳ חד מלרע", והוא דתהלים ז, ט״ז. במשכב – כצ״ל בפשטא (ולא בקדמא) לפי הנתוח.

יז ג) הראשנים – חסר, שכן למעלה טז, י״א נמסר: „לית מלא״. וכן בס״מ. ח) שמעיׄהו – כפזר כצ״ל. ואדֹנִיָהו – בקדמא ודרגא. כן בכ״ב ובב״וד ע״פ ס״י. יא) הערביאים – נמסר עליו: „לית ומלא״.

יח ג) אחאָב – בלי פסיק בס״מ. ה) מֶלֶךְ־ישראֵל – במרכא בס״מ כסכת המתג שבמלת הורקא: אֶת־הנביאִםׄ (מש״הט י״ח ע״א וע״ב, ושם נ״ה ע״ב). הנביאים – ב״וד נטו אחר מסרה כ״י, ועל פיה חסרו (י׳ קדמאה) כל „הנביאים״ שבכתובים מלבד האחד: „וכל הנביאים מתנבאים״ (להלן ט׳). ואין הספרים מודים כן אלא כלם מלאים בכתובים, ואף אותו האחד דפסוק ט׳. ואמנם סוף המס׳ דירמיה כ״ה משובשת לאין מרפא (ר׳ פ״ר). ונראה שיש לנו לקבל תקונו של הרוו״ה בזה שיש לגרוס במס׳: „כלם מלאים בר מן חד: וכל הנבאים...״ - אך לא „מתנבאים״ כי אם: „נִבְּאִים״, ולא בכתובים אלא בס׳ מלכים, והכונה על אותו דמ״א כב, י״ב. שכן נמסר עליו: „ל׳ (ו)חסר וכל אוריתא דכותיה״. ותקון המס׳ לפי המציאות בס׳ אולי צ״ל ככה: וכל שארא „נבאים״, וכל כתובים מלא, וכל מלכים דכותיה בר מן חד חסר וסי׳ וכל הנבאים נבאים״. וג״ל עוד שרשימת המס״ק: „ל׳ מל׳ בסיפ׳ שיבת למלת „כלותב״ (פסוק י׳), וצ״ל: „ל׳ ומל׳ בסיפרא״. וה׳ יודע האמת. ט) יושבים – זה אחד מן „י׳ מלאים בלישנא״ שמנו במס׳ רבתא, אבל: „וישבים (בגרן)״ לא כא במנינם. ואע״פ שמס׳ זו גם בלי זאת משובשת, שהרי הכתובת אומרת: „י׳ מלאים״, ובפרטם לא נמצאו כי אם שמונה, אחר הסירנו כמגה את הפסוק „חקני ישראל יושבים״, מה שלא נמצא בשום מקום, ואת הפסוק „והנתינים יושבים״ (דנחמיה יא, כ״א), מה שהוא חסר בכל הספרים כלם, עד שבא הרוו״ה והוסיף ע״פ רשימות מס״ק שני „היושבים״ (דירמיה מד, י״נ ודדה״ב לא, ו׳), וא״כ אפשר היה לחשוב שגם „וישבים (בגרן)״ נשמט, אך א״כ, הלא כבר יהיו י״א. וגם המלה כתובה חסר כמעט בכל כ״י וד״י, וכן חסר בב״ב ובב״וד. ועל כרחנו נניח שהמס״ק עליו: „ב׳ א׳ חסר וא׳ מלא״ שבוש, או נשתרבבה ממקום אחר. יב) טֹוב – הט׳ דגושה מדין אתי מרחיק. טו) לא־תדבֵר – במרכא (מש״הט כ״ז ע״א). יט) ברמות – מלא ו׳ ע״פ מס׳ דספרא סי׳ כ״ב ודמשלי ו׳, ובמס״ק נ״ב: „ו׳ (כצ״ל בבמשלי שם) ׳כ״כ״. וכן בב״וד. כב) והׄ׳ – בז״נ בב״וד ע״פ ס״י, וכמו שהוא במ״א כב, כ״נ. כו) והאכילהו – חסר ו׳ אבל כלא י׳ ע״פ מס״ק דמ״א כב, כ״ז. ל) את־הגדול – כצ״ל, ולא: „ואת״, שכן זה נמגה בין „י״ו פסוקים את את את״ במערכת המס׳, וכן במס״ק נמסר עליו: „לית״. וכן הוא במק״ג, בב״ב ובב״וד ובקיטל.

יט ב) תֶּאֱהב – הא׳ בחט״ס (ולא בשוא פשוט) בס״מ. קצף – הק׳ דגושה מדין אתי מרחיק.

כ ב) עליך – הטעם הדווח במלה זו הוא זקף, ויש מטעימים רביע, ויש גרשים (וזה ודאי שבוש, כי הגרשים לעולם מלרע), ויש במה כ״י המטעימים גרש. ואלו היה „מעבר לים״ חחר על „בא עליך״, אז היתה הטעמת הגרש הנכונה שבכלן לפי הנתוח ההגיוני. לפי שהמשפט: „בא... מארם״, היה כולל: נשוא ונושאו ויחס מרצאו, ותוספת באור למוצאו, ומובן שאחרון אחרון מפסיק יותר. אך באמת אין „מעבר לים״ חחר על „בא עליך״, אלא „מארם״ הוא החוזר עליו. והניב „מעבר לים״ מתאר את ההמון (=המון רב מן היושבים בעבר ים המלח), שאחר שנתקשרו כל אלה עם חיל ארם, באו משם להתנפל על ארץ יהודה, וע״כ זקוקה מלת „עליך״ לטעם מפסיק יותר מן „רב״, אבל פחות מן „לים״, ואין זה אלא רביע. הָמון – כצ״ל (ולא: הֲמון), כמו שהוא בכל כ״י וד״י, וכן בב״ב ובב״וד ובקיטל. ו) מושל – מלא ע״פ מס״ק, ונשמט מבין „י״ד מלאים״ שנמסרו במס״נ דסיכה ה׳. ח) וַיִּשְׁבוּ־בָה – זה אחד מן י״א מאיילין (מש״הט י״ב ע״א). מקדש לשמך – במרכא וטפחא. כן בב״וד ע״פ ס״מ. ט) מצרתנו – כצ״ל (ולא: מצרתינו). וכן במק״ג, ובכ״ב, ובב״וד ובקיטל, ואין עליה מאומה בס׳. יט) להלל – ברביע. כן בב״ב ובב״וד ע״פ ס״י, ונכון. כ) שמעׄוני – ברביע (הנ״ל). כג) בישבי – כצ״ל חסר, שכן לא נמנה בין „ל״ד מלאים״, וכן הוא חסר בכמה כ״י. כו) הרבעי – חסר ע״פ המס׳. כח) ירֻושלם – במונח תקף בס״מ. לז) כהתחברך – בכ׳ בראשו ע״פ המס׳. במערכת וכן באו״א סי׳ י״ט נמגה בין „חד חד נסבין כ׳ ברישא ולית דכוותהון״. וכן בב״ב ובקיטל ובב״וד. אבל בספרים רבים הוא בב׳, ואולי היה זה במחלוקת גם בין הקדמונים (ר׳ מ״ש).

כא ב) בנֵי יהושָפָט מֶלֶךְ ישראֵל – כן מוטעם בב״ב ובב״וד ע״פ ס״י. ישראל – „סבירין יהודה״, כן במס׳. ג) מִצְרות – (ר׳ למעלה יא, י״). ו) אשה – כצ״ל בלי ל׳ בראשו, והוא אחד מן „ג׳ סבירין לאשה״. חבריו בעזרא ב, ס״א ונחמיה ז, ס״ג. ט) הסובב – מלא בכל הספרים וברוב כ״י, ובמקצתם חסר, וכן הדפיסו ב״וד, ונסתיעו ממס״ק כ״י: „ג׳ חסר״, אבל אינה ראיה גמורה, לפי שאפשר להיות הכונה: נ׳ חסר בלישנא״, ר״ל א׳ סבב (קהלת א, ו׳), וב׳ הסבב (בראשית ב, י״א ומ״ב ח, כ״א), כמו שכן ודאי הכונה במס״ק דבראשית ב, י״א (ר׳ פ״ד בערכו), אם לא נרצה לעשות מחלוקת בינה ובין המס״נ. והרי המס״נ מסרה בריש קהלת: „ט׳ חסרים בלישנא״, ואין זה ביניהם. יג) בֵּית־אביך – הב׳ דגושה מדין אתי מרחיק בעלילת מתג, וחבריו כן: תלבַשן בנֽות־המֶלךְ (ש״ב יג, י״ח), וישימֶה תֵּל־עולםׄ (יהושע ח, כ״ח), ושלשתם במקף, חולת זה אין נסו״א במתג נוהג בבגד כפת, ודגש הב׳ של „כמכה בְּאלם״ (שמות טו, י״א) נמגה במס׳ דגיאל בין „דגשין בלא מבטל״. יז) ולֽא נשאר־לוׄ – תסונת הטעם וסרוס המקף. יח) במעיו – המעיר בתנ״ך לטרים נשתבש כאן, במה שהעיד: „נ״א בלא פסיק וב׳ דפה״, שהרי הב׳ דגושה בכל אפן, מאחר שאין השם נקרא ככתבו. יט) לימים שנים – בלי פסיק בינתים, שכן לא מכר בין פסקתא דספרא.

כב ו) כי (המכים) – יש ספרים: „מן״ (כמלכים ב׳ ח, כ״ט), אבל „כִּי״ מקובל ורווח, וכן קראו רש״י והרד״ק ז״ל. ואולי „כִּי״=כְּאִי, מַדְנָה (ר׳ הערתי לישעיה ג, כ״ד). ח) כהשפט – בכ׳, כן ראוי ע״פ המס׳ במערכת ובאו״א סי׳ י״ט (ר׳ למעלה כ, ל״ז). ט) לעצר – בשוא פשוט בס״מ. י) כִּי מֵת – בשני מונחים בס״מ.

כג א) לעזריהו – בו׳ בסוף כצ״ל ע״פ מס׳ דמ״ב טו, ו׳, וכן ברוב גדול של כ״י, וכן בכ״ב ובב״וד. ז) וְהָיו – כצ״ל, וכן הוא ע״פ המס׳, שנמסר עליו: „ז״. אבל „וְהָיוּ״, כמו שהוא כשבוש במקצת ספרים, נמצא יותר ממאה פעמים במקרא. ח) כִּי לָא – כן מוטעם בב״וד ע״פ ס״מ, והם (ב״וד) העירו שכן מוטעמים כל „כי לא״ שלפני תביר. יח) הכהנִים – במונח בכל הספרים, אף שהיה ראוי להיות מרכא (ר׳ מש״הט ט״ז, וי״ז). כנראה לא חששו למתג זה של „הלוים״, שהקורא רגיל בו מרוב מציאותו במקרא. עלות ה׳ – יש ספרים: „לַה׳״, אבל הטעמים השוים כאן בכל הספרים מוכיחים על השבוש, שאלו כן, היה מוטעם: „להעלות עלות״ בקדמא ואזלא. יט) ולא־יבֹוא טמֵא – במרכא וטפחא (ולא בהפך) בכל הספרים, ובהתאם לזה פי׳ רש״י (או המיוחס לו), ולא כבעל המצודות.

כד ג) ויֽולד בנִים – במס״ק נמסר ע״ז: „לית בטעם״, ר״ל: במקום זה בלבד מוטעם כן בטפחא ומרכא, אבל כל „ויולד בנים ובנות״ דבראשית מוטעם: וַיּֽולד בנִים. ושם (ה, ד׳) במס״נ: „כולהו בטעם בר מן א׳ וישא לו יהוידע״. ונ״ל בנמוק ההטעמה, לפי שכאן עיקר ההודעה הוא התרבות זרע דוד בכלל אחר ההשמדה ע״י עתליה המרשעת, ושם הפריד את הבנים מן הבנות, לפי שהכתוב הולך ומיחס סדר השתלשלות הדורות לבית אבותם: פלוני הוליד את פלוני, ועוד שכן דרך המקרא בכלל (ר׳ למעלה יד, ב׳). - אגב: „וישא לו יהוידע״, פשוטו של מקרא ודאי שיהוידע השיא את יואש שתי נשים וכו׳ (וכן בתרגום יהואש), ופליאה גדולה לי על ארבעה עמודי עולם: רש״י (או זולתו מן הגדולים הנקרא על שמו) בפירושו והראב״ד ובעל מגדל עוז וה״הם, זכר כלם לברכה, שהבינו (בס׳ היד הלכות א״ב פ׳ י״ז הלכה י״נ), שיהוידע נשא לעצמו שתי נשים. והפליאה תגדל עוד, בדעתנו שיהוידע הכהן היה אז לא פחות מבן תשעים, והיה הכתוב מאריך יותר לעורר על הגם, וא״א שיובן „וישא״ עבר שבעבר (Plus-quam perfectum), שלא בא הכתוב לסתום אלא לפרש, והיה ראוי להיות: „ויהוידע נשא״ (ר׳ רש״י בראשית ד, א׳). יא) ויעׄרו – כן ברוב הספרים מלעיל נגד הדקדוק. יג) ויאמצהו – כצ״ל הצ׳ בשורק חסר, ולא בצירי, אבל: יד) ויעשהו – בצירי. ובשניהם נשתבשו מקצת ספרים. יט) נבאים – חסר י׳ קדמאה, וכן נכון, שכן אינו מן „נ׳ מלאים״. כ) לָמָה – המ׳ רפה בס״מ כדין לפני אה״ע ע״פ מס״נ דתהלים מ״ג. כד) וַהׄ׳ – כצ״ל בפשטא. כו) ויהוזבׄד – במונח חקף. כן בב״ב ובב״וד, ונכון.

אבל הם (ב"וד) הוכיחו מן המס' נגד נוסח זה ע"פ המערכת וע"פ מס' או"א סי' רנ"ד: „ל"ו יחידאין ואשר, ולית דסמיך", שזה נמנה עמהם. כה) וְתִתַּךְ – כצ"ל ע"פ המס' שנמסר עליו: „ל", אבל „וַתִּתַּךְ" נמצא עוד בירמיה מד, ו', ודניאל ט, י"א. וכן בקיטל ובב"וד ע"פ כ"י. וכן הובא בק"הנ מכמה כ"י וממס' כ"י: „לית רפי". ודקדוק המלה: או שהיא עתיד נטפל תכליתי: וְתִתַּךְ=שתתך, מעשיהם האלה נורמים שתתך וכו', ע"ד: וישבו ויחנו (שמות יד, ב'), או שהוא הוה תדירי, כמו: יאמרו המשלים (במדבר כא, י"ז): חמתי הולכת ונתכת. כז) ועל־יֹשְׁבָיו – במונח תקף בס"מ. כח) אֹסִפְךָ – המתג בא' ולא בס' (ר' מ"ש ש"א טו, ו'). וכן ראוי מדקדוק המלה: אֹסִפְךָ=אֹסַף (=אאסף) אותך. החירק ת' צירי ע"ד: אאמצכם (איוב טז, ה'). עֵינֶיךָ – בזקף ע"פ הנתוח, וכן ברוב הס'. לב) יושבי – מן „ל"ד מלאים". לג) לעבוד – מלא ע"פ המס' שמסרה ע"ז ועל של לג, ט"ז: „ב' מלאים".

לה ד) כמחלקותיכם – בכ' השמוש. כן ברוב הספרים, ובמקצתם: „במחלקותיכם". ומן המס' א"א להכריע, שכן לא נמנה לא עם „חד חד נסבין כ ברישא ולית דכוותהון" (במערכת ובאו"א סי' י"ט), ולא עם „תסבין ב ברישא ולית דכותהון" (במערכת ובאו"א סי' ל"ו). ונראה שנשמטה מן המסרות באשמת המעתיקים, כמו שיש בהן השמטות אחרות, או שבעלי המס' בעצמם היו מסופקים בזה ולא יכלו להכריע. ה) לפלגות – „בס"א לפלגת", והנה נמסר עליו: „לית". אבל שניהם לא נמצאו במקום אחר, וע"כ א"א להוכיח מן המס' כלום. יד) כִּי הַכֹּהֲנִים בְּנֵי־אַהֲרֹן בְּהַעֲלוֹת הָעֹלָה – כן במקצת כ"י בהתאם לנתוח. טו) ואָסָף – כן בכמה כ"י, ונכון. כב) נכו – זה ושל ל"ו, ד' כתובים בכל הספרים בו' בסוף, דלא כתקון פ"ד וב"וד: „נכה" ע"פ מס"ק שלמעלה פסוק כ' ושל ירמיה מו, ב'. ע"כ נראה שבמקום „ב' כתיב ו' צ"ל: „ד' כתיב ו', ו„בענין" ר"ל: בענין מלחמת כרכמיש דירמיה ודכאן. כה) בקִינוֹתֵיהֶם – בקדמא ומהפך. „חד מן ו' מלין" במס' דפ' בהר.

לו א) וימליכֻהו תַּחַת – כן מוטעם בב"וד ע"פ כ"י. ב) שלוש – בכל כתובים מלא ע"פ המס'. ח) ותעבתיו – חסר דחסר ע"פ המס'. ט) עליהם – כצ"ל בע', ובב"וד: „אליהם", ואינו אלא שבוש. טז) מלעבים – ברוב הספרים חסר י' קרמאה, ובמס' אין עליו דבר בענין מלא וחסר, והמ"ש שכ', שנמסר עליו: „ל' מלא", כמדומני שטעה ברשימת המס' השיכת למלת „מעונו", וחשבה למלת „מלעבים", ועליה לא נמסר אלא: „לית". בנבאיו – חסר (ר' מ"ש וב"וד). יח) ואצרות – שניהם בפסוק חסרים ו' קדמאה ע"פ המס' דאיוב ל"ח. כא) לְמַלְאוֹת – שניהם בפסוק מלאים ע"פ המס' רשמות לא, ה'. כג) עִמּוֹ – ברביע בכל הספרים (ולא בזקף), כדי להחזיר „ויעל" אל הנושא „מי" שלפני פניו.

סכום הפסוקים של דברי הימים אינם אתרנו (כרשום במקצת ספרים בשבוש), אלא אתשסה, ונתתי בהם סמן: „תולדתם לבית אבתם".

שובי נפשי למנוחיכי
כי ה' גמל עליכי.

# לוח הפתוחות והסתומות בנביאים אחרונים וכתובים

מיסודו של הר"ר פסח פינפער ע"פ רוב כ"י

(הפתוחות והסתומות באות אחר הפסוקים הרשומים)

## פתוחות

**ישעיה** לה, י'

**ירמיה** מ, ו' (או סתומה)

**יחזקאל** כה, יז' לב, טו' לו, לב' לח'

**תרי־עשר** ---

**תהלים** בסוף כל מזמור

**משלי** א, ז' יט' לג' ב, כב' ג, ד' י' יח' לה' ד, כז' ה, ו' ו, ה' יא' טו' ז, כג' ח, כא' לא' לו' ט, יח' יב, כח' טו, יט' יז, כג' יט, ט' כד, יח' כב' כז' כט' לד' כה, יב' יג' כד' כו, ט' כא' כז, כב' כח, ה' טו' טז' כט, יז' כז' ל, יד' כ' כג' כח' לא, ט'

**איוב** א, ה' ב, י' ג, א' כו' לא, ז' מ' מב, ו'

**שיר השירים** ו, ג'

**רות** ---

**איכה** בסוף כל קינה

**קהלת** ---

**אסתר** ---

**דניאל** ב, כד' ד, לד' ה, ל' ו, כט' ז, כח' ח, כז' ט, כז' י, ג'

**עזרא** א, ו' יא' ג, ' תוך א' יג' ד, כג' כד' ה, ב' ז, כח' ח, יד' לד' י, א' ח' מד'

**נחמיה** ב, כ' ג, לח' ד, יז' ו, יט' ז, ס' ח, יח' ט, לז' יב, לד'

**דברי הימים א** ו, לב' ז, מ' ט, לד' מד' י, יד' יא, ט' מז' יג, יד' טו, טז' טז, ז' יח, יז' כה, ה' כו, כ'

**דברי הימים ב** א, ט' ב, א' ט' ד, כב' ז, כב' ח, יא' יט, יא' כג, טו' כד, ב' כו, ב' כט, כה' לא, כא' לב, כג' לג, יט' כה' לד, ב' כג' לו, כג'

## סתומות

**ישעיה** א, ט' יז' כ' כג' לא' ב, ד' יא' כב' ג, יב' טו' יז' ד, א' ו' ה, ז' י' יז' כ' כא' כג' ל' ו, יג' ז, ב' ו' ט' יז' כ' כה' ח, ד' ח' י' טו' יח' ט, ו' יב' כ' י, ד' יא' טו' יט' כג' לב' לד' יא, ט' י' יב, ו' יד, ב' כג' כז' לב' טז, ד' יב' יד' יז, ג' ו' ח' יא' יד' יח, ג' ו' ז' יט, טו' יז' יח' כב' כג' כה' כ, ב' ו' כא, ה' י' יב' טו' יז' כב, יד' כה' כג, יד' כד, טו' כ' כג' כה, ה' ח' יב' כו, י' טו' יט' כא' כז, א' ו' יא' יב' יג' כח, ד' ח' יג' טו' כב' כט' כט, ח' יב' יד' כא' כד' ל, ה' יא' יד' יח' כו' לג' לא, ג' ט' לב, ח' כ' לג, א' ו' יב' כד' לד, יז' לה, ב' לו, כב' לז, לב' לה' לח' לח, ג' ח' כב' לט, ח' מ, ב' ה' ח' יא' טז' כד' כו' לא' מא, ז' יג' טז' כ' כד' כט' מב, ד' ט' יג' יז' כה' מג, י' יג' טו' כח' מד, ה' כ' כג' כח' מה, ז' ח' ט' י' יג' יז' מו, ב' ד' ז' יא' יג' מז, ג' ז' טו' מח, ב' יא' טז' יט' כב' מט, ד' ו' ז' יג' כא' כג' כו' נ, ג' ט' יא' נא, ג' ו' ח' יא' טז' כא' כג' נב, ב' ג' ו' י' יב' נג, יב' נד, ח' י' יז' נה, ה' יג' נו, ג' ה' ט' נז, כ' יד' כא' נח, יד' נט, כא' ס, כב' סא, ט' סב, ט' יב' סג, ו' סד, יא' סה, ז' יב' כה' סו, ד' ט' יא'

**ירמיה** א, ג' י' יב'.יט' ב, ג' כח' ג, ה' י' יז' ד, ב' ח' יח' כא' כו' לא' ה, ט' יג' יט' כט' ו, ה' ח' טו' כ' כא' ל' ז, ב' טו' יט' כ' כח' לא' ח, ג' יב' יז' כב' ט, ה' ח' י' יא' יג' טו' יח' כא' כג' כה' י, א' ה' י' יא' טו' יז' יח' כא' כה' יא, ה' ח' י' יג' טו' יח' כב' כג' יב, ג' ו' יג' יז' יג, ב' ז' יא' תוך יב' יד' יז' יט' כב' טו, ט' יד' יח' כב' טז, ב' ד' ח' יג' טו' יח' כא' יז, ד' ו' י' יג' יח' כ' כב' כה' כז' יח, יב' טו' יח' כא' כג' יט, ה' יג' יד' כ, ג' ו' יב' יג' יח' כא, ב' ה' ט' י' יד' כב, ה' ט' י' יב' יז' כה' כט' כג, ה' ח' טו' כב' כד, ו' ח' יד' יח' כה, ב' כ' כג' כו, ד' ו' ח' יג' יח' כב' מ' כד' כז, ה' ז' י' כו' לו' ל' לח' כח, ח' יד' לא, א' ו' ז' י' כז' לא' לא' ז' ט' יט' כ' כא' כב' כט, כא' ח' כט, יג' כב' כג' כח' לא' כח' כח' לא' לב, ה' יד' טו' כב' כז' כח' כט' לד, ה' ז' יא' טז' כב' כה' כח' לה, ה' ז' יא' טז' יט' לו, ה' ח' יא' לח, ה' יא' לט, כט' לד' לז' יט' לח, ב' יג' טז' יח' כח' כה' כד' כו' לו' לט' לח, ב' יג' טז' יח' כח' תוך כח' לט, יד' יח' מ, ו' (או פתוחה) יב' טז' מא, י' טו' יח' מב, ו' כב' מג, א' ז' יג' מד, ו' י' יד' יט' כג' כט' ל' מה, ה' מו, יב' יט' כו' כח' מז, ז' מח, יא' לט' מז' מט, ה' יא' כב' כו' לג' לט' נ, ה' ז' טז' כ' ל' לב' מו' נא, יד' יט' כד' לב' לה' נא' גז' נח' סד' נב, ג' יא' ל'

**יחזקאל** א, כח' ב, ב' ה' ז' י' ג, ג' ט' טו' תוך טז' יט' כא' כד' כז' ד, ג' יב' יד' טו' יז' ה, ד' ו' ז' ט' יז' ו, י' יד' ז, ד' כב' כז' ח, יד' ט, ג' יא' יא, א' ג' ו' יג' טו' טז' כה' יב, ב' ז' טז' כ' כה' כז' כח' יג, ז' יב' טז' יט' יד, א' ה' ח' יא' כ' כג' טו, ה' ח' טז, ג' נח' סג'

יז, י' יח' כא' כד' יח, ד' כ' כג' כו' לב' יט, ט' יד' כ, א' כו' כט' מד' **כא**, ה' י' יב' יח' כב' כח' כט' ל' לב' לז' **כב**, טז' יח' כב' לא' **כג**, י' כא' כז' ל' לד' לה' סה' סט' **כד**, ה' ח' יד' כד' כז' **כה**, ה' ז' יא' יד' **כו**, ו' יד' יח' כא' **כז**, לו' **כח**, ה' י' יט' כד' כו' **כט**, ז' יב' טז' יח' כא' **ל**, ה' ט' יב' יט' כא' כו' **לא**, ט' יד' יח' **לב**, ב' י' לב' **לג**, ו' ט' יא' כ' כב' כד' כט' לג' **לד**, ט' י' יט' לא' **לה**, יג' טו' **לו**, ד' יב' טו' כא' לו' **לז**, יד' כח' **לח**, ט' יג' טז' יז' כג' **לט**, י' טז' כד' כט' **מג**, ט' כז' **מד**, ח' יד' לא' **מה**, ח' טו' יז' כה' **מו**, ה' יא' טו' **מז**, יב' כג' **מח**, כט'

**הושע** א, ט' ב, טו'יז' כב'כה' ג, ה'ד, יט' ה, ז' ו, יא' ז, יב' ח, יד' ט, ט' יז' י, ח' יא, יא' יג, יא' יד, א'

**יואל** א, יב' כ' ב, יד' כז' ד, ח' יז'

**עמוס** א, ב' ה' ח' י' יב' טו' ב, ג' ה' טז' ג, י' טו' ד, יא' יג' ה, ב' ג' טו' יז' כז' ו, י' יד' ז, ג' ו' ט' יא' יז' ח, ג' ח' י' יד' ט, ו' יב'

**עובדיה** ---

**יונה** ב, י' יא'

**מיכה** א, טז' ב, כ' יג' ג, ד' ח' יב' ד, ה' ז' יד' ה, ה' ח' יד' ו, ח' טז' ז, ח' יג'

**נחום** א, יא' יד'ב, יד'

**חבקוק** א, יז' ב, ח' יא' יד' יז' יח' ג, ז' יג'

**צפניה** א, ז' ט' יא' יח' ב, ד' טו' ג, יג' טו'

**חגי** א, ב' ו' יא' יב' יד' ב, ה' ט' יט'

**זכריה** א, ו' טו' יז' ב, ב' ד' ט'יא' יג'יז' ד, ז' יד' ה, ח' יא' ו, ח' טו' ז, ג' ז' יד' ח, ג' ה' ו' ח' יג' יז' יט' כב' כג' ט, ח' י, ב' יב' **יא**, ג' יד' יז' יג, ו' ט' יד, יא'

**מלאכי** ב, יב' טז' ג, יב' יח' כא'

**תהלים** ---

**משלי** ד, יט' ו, יט' לה' **כב**, כא' **כז**, כ' **ל**, ו' ט' יז' לג'

**איוב** ה, כז' ז, כא' ח, כב' י, כב' **יא**, כ' **יד**, כב' **טו**, לה' **יז**, טז' **יח**, כא' **יט**, כט' **כ**, כט' **כא**, לד' **כב**, ל' **כג**, יז' **כד**, כה' **כה**, ו' **כו**, יד' **כח**, יט' כח' **לב**, א' ה' **לג**, לג' **לד**, לז' **לה**, טז' **לז**, כד' **לט**, ל' **מ**, כ' ה' **מא**, בו'

**שיר השירים** א, ד' ח' יד' ב, ז' יג' יד' יז' ג, ה' ח' יא' **ד**, ו' יא' ה, א' ו, ט' ח, ד' ז'

**רות** ---

**איכה** ---

**קהלת** ---

**אסתר** א, ח' יב' טו' כב' ב, ד' כ' כג' ג, ז' טו' ה, יד' ז, ד' י' ח, כ' ו' יד' ט, לב'

**דניאל** א, כא' ב, יג' טז' כח' ל' לו' מה' מט' ג, יב' יח' כג' כה' ל' ד, כה' ה, ז' יב' טז' ו, ו' ז, יד' י, כא' יב, ג'

**עזרא** א, ח' ב, נח' ס' סז' סט' ע' ג, ז' ד, ו' ז' י' יא' טז' כב' ה, ה' יב' טו' יז' ו, כ' ה' יב' טו' יח' כב' ז, ו' י' יא' ח, יט' ל' לו' ט, יד' טו' י, ד' יא' יז'

**נחמיה** א, יא' ב, ג' ט' יח' ג, לב' ד, ח' יג' ה, יט' ו, יג' טו' ז, ה' סב' סח'סט' תוך עב' ח, ד' ח' יב' ט, ג' י, לד' **יא**, ב' ו' ט' יד' יח' כא' כג' לו' **יב**, כב' כו' מז' יג, יג' יח' כב'

**דברי הימים א** א, ז' י' יב' טז' יז' כג' כו' כז' כח' לא' לב' לג' לד' לה' לו' לז' לח' לט' מ' מא' מב' נד' ב, ב' ה' ו' ז' ח' יז' כ' כב' כו' כט' ל' לא' לב' מא' מו' נג' נה' נ, ד' ח' כא' כד' ד, כ' י' יב' יד' יח' כג' מג' ה, ב' י' יז' כב' כד' כו' כח' מא' ו, יג' טו' כג' כח' לד' לח' מא' מד' מה' מו' מז' מט' ג' נה' נו' נח' ס' סא' סד' סו' ז, א' ב' ה' ז' ט' יב' יג' יט' כז' כט' ח, כח' לב' מ' ט, ט' יא' לב' לח' י, ז' י' יא, ג' י' יט' כא' כה' כו' כז' כח' כט' ל' לא' לב' לג' לד' לה' לו' לז' לח' לט' מ' מה' **יב**, ט' יג' יד' טז' יח' יט' כג' כד' כה' כו' כז' כח' כט' ל' לא' לב' לג' לד'לה' לו' לז'מא'יד, כ' יב'טו,ב' ד' ה' ו' ז' ח' ט' י' טו' כה' כט' טז, ד' לו' מב' יז, ב' טו' כז' **יח**, ח' **יט**, ה' ז' טו' יט' כ, ג' ד' ה' ח' **כא**, ז' ח' יב' טו' טז' יז' כד' כו' **כב**, יט' **כג**, א' ה' ו' ז' ח' ט' יא' יב' יד' יז' יח' יט' כ' לב' **כד**, ה' יח' לא' **כה**, ג' ח' ט' י' יא' יב' יג' ידי טו' טז' יז' יח' יט' כ' כא' כב' כג' כד' כה' כו' כז' כח' כט' ל' לא' **כו**, ה' ו' ט' יג' כח' כט' לב' **כז**, א' ג' ד' ו' ז' ח' ט' י' יא' יב' יג' טו' טז' יז' יח' יט' כ' כא' בד' כה' כו' כז' כח' כט' ל' לא' לד' **כח**, י' יט' כא' **כט**, ט' יט' כה' ל'

**דברי הימים ב** א, ו' יג' ב, טו' ג, ז' ט' יג' יד' טו' טז' יז' ד, א' ה' ו' ז' ח' י' יח' ה, א' י' יד' ו, יח' כג' כה' כז' לא' לג' מ' מב' ז, ד' ו' י' יא' ח, טז' יח' ט, יב' טז' כד' לא' י, ה' ז' יא' טז' יא, א' ד' יב' יז' יב, א' ח' יב' יד'טז' יג, ג' כ' כא' כג' **יד**, ו' י' יד' טו, ב' ז' ט' יט' **טז**, ה' ו' יד' **יז**, ו' יא' יג' יד' טו' טז' יז' יח' יט' **יח**, יז' כב' כז' לד' כ, יג' ל' לו' **כא**, ג' יא' **כב**, א' ט' יב' **כג**, ח' יא' יג' **כא** **כד**, ה' יד' טז' יט' כב' כז' **כה**, ד' י' יב' יג' טז' כד' **כו**, י' כג' **כז**, ה' ט' **כח**, ה' ו' ז' ח' יא' יג' טו' כז' **כט**, יא' יג' יז' יט' כו' ל' לו' **ל**, ט' טו' יט' כ' כא' כב' כו' כז' **לא**, א' ב' ו' ז' ח' י' **לב**, ח' יט' כ' לא' לג' **לג**, ט' כ' **לד**, ז' יא' כא' כח' לג' **לה**, ו' ז' יח' כד' כז' **לו**, ד' ח' י' כא'